CORNELL
UNIVERSITY
LIBRARY

BOUGHT WITH THE INCOME
OF THE SAGE ENDOWMENT
FUND GIVEN IN 1891 BY
HENRY WILLIAMS SAGE

Cornell University Library
PJ 5117.A14
English-Yiddish encyclopedic dictionary
3 1924 026 881 759 olin,ove1

DATE DUE

~~DEC 1 1 1962 M P~~			
~~MAR 1 1 1969 M P~~			

GAYLORD PRINTED IN U.S.A.

Cornell University Library

The original of this book is in
the Cornell University Library.

There are no known copyright restrictions in
the United States on the use of the text.

http://www.archive.org/details/cu31924026881759

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

A COMPLETE LEXICON AND WORK OF REFERENCE IN ALL DEPARTMENTS OF KNOWLEDGE.

PREPARED UNDER THE EDITORSHIP OF

PAUL ABELSON, PH. D.

PUBLISHED BY

THE JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

NEW YORK

1915.

LIST OF COLLABORATORS

EDITOR-IN-CHIEF

Paul Abelson, Ph. D.

ASSOCIATE EDITORS:

Benzion Hoffman

Louis Landau   Morris Terman

CONTRIBUTORS AND TRANSLATORS:

Conrad Bercovici
Abraham J. Feldman
David Hammond
Isaac Hillman
Ephraim Ish-Kishur
Benedict Meltzer
Meyer Wolodarsky
Abraham S. Sachs
Kalman Tepper
Bertha Wiernik

די רעדאַקציאָן:

הויפּט רעדאקטאָר

ד ר. פ א ו ל א י י ב ע ל ס אָ ן

מיט־רעדאקטערע:

בן־ציון האָפמאן (צביון)

מאָרים טערמאן   לואיס לאנדוי (א. וואָהלינער)

מיטארבייטער און איבערזעצער:

אפרים איש־כישור
קאָנראד בערקאָוויסי
יצחק הילמאן
דוד העמאָנד
מאיר וואָלאָדארסקי
בערטהא וויערניק
אברהם פעלדמאן
אברהם ש. זאקס
קלמן טעפער
ברוך מעלצער

DEDICATED

TO THE MEMORY OF

JACOB SAPHIRSTEIN

PUBLISHERS' NOTE

With the publication of this English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, the Jewish Press Publishing Company is continuing the policy inaugurated by its founder, the late Mr. Jacob Saphirstein, who, in a spirit of patriotic service to the country of his adoption and as a contribution to the welfare of the Jewish population of America, conceived a well-matured plan to meet their intellectual needs.

Mr. Saphirstein realized the importance of acquainting the adult Jewish immigrant with American life, American customs and American thought. It was his conviction that the essentials of the American character—a spirit of tolerance, initiative, energy, optimism and love of freedom—were the very ideals animating the Jewish people. He felt, therefore, that the so-called Jewish problem in America was a comparatively simple one. He reasoned that if the adult immigrant Jew were only given the means to know and understand his new environment, the gain to America and to himself would be inestimable.

It was with these ideas in mind that Mr. Saphirstein founded the Jewish Press Publishing Company some twenty-five years ago when the stream of Jewish immigration to America began. His various efforts—"The Hebrew American," a Jewish weekly published in English with a Yiddish vocabulary, the text books for the study of English in the Yiddish language, a small English-Yiddish and Yiddish-English Dictionary, a "History of the United States" with a parallel Yiddish translation, a "History of the Jews in America" in English and Yiddish editions, "The Jewish Morning Journal," "Der Amerikaner"—all these testify to the constancy and the success of his policy.

In planning the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, Mr. Saphirstein had in mind the creation of an epoch-making work in the history of Jewish culture and in the history of the Jew in America. His aim was more than the mere publication of the largest compilation and translation of English words in any foreign language. Such an effort in itself would be a creditable achievement. But his spirit of enterprise soared much higher. He dreamed of a treasure-house of world culture. For the first time, an Encyclopedic Dictionary would put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern scholarship, science and culture.

To the realization of this dream Mr. Saphirstein gave the last four years of his life. Those competent to judge will fully appreciate the great difficulties involved in the carrying out of this project. Organizing and literary skill, scholarship and erudition were, of course, essential to the success of this enterprise. But these qualities alone would not suffice. The peculiar problem of the Yiddish-speaking American required that in conception and structure the work should meet the needs of the least educated no less than those of the best. In short, the situation called for a staff of editors and collaborators who, in addition to the essential qualities of scholarship, had to have a sympathetic understanding of not only American ideas and ideals, but also the ideals and needs of the Jews in general and of the Jews in America in particular.

The result speaks for itself. The English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, in its full vocabulary drawn from all departments of knowledge and labor, scientific, mechanical, industrial, artistic, professional and practical, surpasses any other similar work. In all other respects we believe that it compares favorably with the best English and American works of this character. We are confident of a favorable verdict from those who know, and of the fullest support from the public which, in the last analysis, constitute the court of last judgment.

THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער

מיט דער אויסגאבע פון דעם ״ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך״ מאכט די ״דזשואיש פרעס פּאָבלישינג קאָ.״ א נייעם שריט אין דער ריכטונג, וועלכע עס האָט איהר געגעבען איהר גרינדער, יעקב סאפּירשטיין ז״ל.

אלס ארויסגעבער, האָט זיך יעקב סאפּירשטיין געשטעלט א דאָפּעלטע אויפגאבע: ערשטענס, צו בעקענען דעם אידישען אימיגראנט מיט זיין נייער היים, מיט איהר שפּראך, מיט איהר גייסט, מיט איהר געשיכטע און מיט איהרע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען; צווייטענס, העלפען דעם אידען אין זיין שטרעבונג צו וויסען און אויפקלעהרונג.

אָט דיעזע אויפגאבען זיינען אוועקגעלעגט געוואָרען אלס פונדאמענט פאר דער טהעטיגקייט פון דער ״דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.״ און זיי זיינען געבליבען דער פונדאמענט פון איהר טהעטיגקייט אין פערלויף פון 25 יאָהר ביז היינטיגען טאָג. א פיערטעל יאָהרהונדערט האָט יעקב סאפּירשטיין, אן דער שפּיצע פון דער ״דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.״, אונערמידליך פערפאָלגט דיעזע אויפגאבען. אלע זיינע פערשיעדענע אויסגאבען זיינען געוועזן בעלעבט פון דעמזעלבען גייסט און האָבען געהאט דעמזעלבען צוועק.

״דהי היברו אמעריקען״, אן ענגלישע וועכענטליכע אויסגאבע מיט אידישע פערטייטשונגען; פערשיעדענע ענגלישע לעהר-ביכער; א קליינעם ענגליש-אידישעם און אידיש-ענגלישעם ווערטערבוך; ״א געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען״ אין ענגליש מיט א אידישער איבערזעצונג; ״די געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא״ אין ענגליש און אידיש; ״דער מאָרגען זשורנאל״ און ״דער אמעריקאנער״ — אלע דיעזע פערשיעדענע גרעסערע און קלענערע אויסגאבען פון דער ״דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.״ זיינען פּראָדוקטען פון איין און דעמזעלבען גייסט און פערקערפּערען איין און דעמזעלבען אידעאל: בעקענען די אידען מיט אמעריקא און זיי מאכען פאר געבילדעטע מענשען.

יעקב סאפּירשטיין׳ס לעצטע אונטערנעהמונג אין דיעזער ריכטונג איז ״דאָס אידיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך״. דיעזער אונטערנעהמונג האָט ער געווידמעט די לעצטע פיער יאָהר פון זיין לעבען. לויט זיין פּלאן, האָט דאָס בעדארפט זיין אן עפּאָכע-מאכענדעס ווערק אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור און אין דער געשיכטע פון די אידען אין אמעריקא. עס האָט בעדארפט זיין א ווערק, וואָס זאָל ארומנעהמען אלע געביעטען פון וויסענשאפט, טעכניק, קונסט און ליטעראטור, זאָל אין זיך פערקערפּערען דאָס לעצטע וואָרט פון וויסענשאפט און זאָל ענטהאלטען אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראך פערטייטשט אויף׳ן גענויעסטען און פּינקטליכסטען אופן.

עס איז געווען א ריעזיגע, שווערע אונטערנעהמונג. און שווער איז עס געווען ניט נור דערפאר, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט אָרגאניזאציאָנס-פעהיגקייט, פיעל ליטערארישער טאלאנט און א מאסע וויסען און געלעהרזאמקייט. די הויפּט-שוועריגקייט איז געווען צוצופּאסען דאָס ווערק צו די אידישע בעדערפניסע און איבערשאפען די קולטור-אוצרות אויף א אידישען שטייגער אזוי אז עס זאָל קענען צופריעדענשטעלען דעם העכסט-געבילדעטען און זיין אויף׳ן העכסטען אופן ניצליך פאר דעם וועניג-געבילדעטען. עס איז דעריבער נויטיג געווען א ספּעציעלער אויסוואהל פון מענשען פאר דיעזער ארבייט מיט ספּעציעלע פעהיגקייטען.

דאָס ריעזיגע ווערק איז ענדליך געשאפען און יעדער קען זיך אליין איבערציינגען, ווי ווייט עס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען די אויפגאבען, וועלכע די ארויסגעבער האָבען זיך געשטעלט.

אין דער גרויסער צאָהל ווערטער, אין די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען פון די ענגלישע ווערטער און אין די ענציקלאָפּעדישע ערקלערונגען שטייגט ״דאָס ענגליש-אידישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך״ אריבער אלע אנדערע אויסגאבען פון דעם מין אין אנדערע, ניט-ענגלישע שפּראכען. אין אלע אנדערע הינזיכטען, גלויבען מיר, קען עס זיך מעהר אָדער וועניגער פערגלייכען מיט אלע גרויסע עהנליכע ווערק אין ענגליש.

מיר זיינען זיכער, אז דאָס פּובליקום וועט פערשטעהן דעם גרויסען ווערטה פון אונזער ריעזיגער אויסגאבע און וועט וויסען ווי זי אָבצושעצען.

דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.

PREFACE

The publishers in their note to the public have indicated the general p of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary. The work aims "to put Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's mod science, scholarship and culture." It is for others to judge how far th aims have been realized. For his part, the editor deems it necessary to plain briefly how he met and solved some of the specific problems involv such as the selection of words, spelling, pronunciation, transliteration, defi tions of words, terms, phrases and idiomatic expressions and the use of lustrations and examples.

VOCABULARY

In the selection of words, one result was aimed at, namely, the wid inclusion in strict alphabetical order of words, terms, phrases and idioma expressions which are used in all countries where English is spoken. Ob lete, archaic and provincial terms were excluded. Care was taken to make number of American colloquial and slang expressions as complete as possit

SPELLING

The problems of spelling which had to be faced were unique and disti tive. The difficulties of English spelling are well known to all. Lexicons standing in the academic world differ widely on the spelling of many wor For our purpose authoritative choice in the matter of disputed spelling v essential. The staff was therefore obliged to make an exhaustive study each disputed spelling and to decide in favor of one or the other.

In general, it may be stated that American usage and simplicity of fo were the guiding criteria. The scope of the work did not permit any leani toward spelling reform. In some cases it was absolutely impossible to rej one form of spelling in favor of another. But even in these cases the edi indicated his choice. The word in the less favored form was included, but definition and use referred by a cross-reference to the spelling chosen by editor.

PRONUNCIATION

In the matter of pronunciation two problems had to be solved, first, usual difficulties of accepted variations of pronunciation, and second, problem of transliterating the pronunciation.

פאָררעדע

די אַרויסגעבער פון דעם ”ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך” האָבען שוין אין זייער פאָררעדע אָנגעצייגט דעם פּלאַן און די אויפגאַבע פון דיזען ווערק. דער צוועק איז געווען צו שאַפען פאַר אידען אַ קולטור-ווערק און אַן אוצר פון וויסענשאַפט, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט זיין אַ פאָלשטענדיגע זאַמלונג פון אַלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער מיט די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען. עס בלייבט, נאַטירליך, פאַר אַנדערע צו אורטיילען, ווי ווייט דיזע אויפגאַבע איז דורכגעפיהרט געוואָרען. די רעדאַקציאָן, פון איהר זייט, רעכענט בלויז פאַר נויטיג דאָ צו געבען איינינע ערקלערונגען וועגען אַ פּאָר איינצעלהייטען פון דער אַרבייט און ווי זי האָט געלעזט די פראַגען, וואָס זיינען מיט דער אַרבייט געווען פערבונדען, ווי למשל: דער אויסוואַהל פון ווערטער און אילוסטראַציאָנען, די אויסלעגונג, די אויסשפּראַך, די איבערזעצונגען און ערקלערונגען, די איינפיהרונג פון ענגלישע פראַזען צו ערקלערען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער א. ז. וו.

דער אויסוואַהל פון ווערטער.

אונזער שטרעבונג איז געווען צו געבען אין דעם ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך אַלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראַך, אַלע ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אין דער ליטעראַטור און אין לעבען. אויסגעשלאָסען געוואָרען זיינען בלויז פערעלטערטע ווערטער, וועלכע ווערען מעהר ניט געברויכט, און פּראָווינציאַליזמען, דאָס הייסט, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע ווערען געברויכט בלויז פון אַ קליינעם טייל פון דער בעפעלקערונג אין געוויסע געגענדען. דערפאַר זיינען אָבער אין דעם ווערטערבוך אריין די מייסטע אַמעריקאַנישע פאָלקס-אויסדריקע און ווערטער פון דעם אַמעריקאַנישען ענגלישען פאָלקס-זשאַרגאָן.

אויסלעגונג.

די פראַגע פון אויסלעגען די ענגלישע ווערטער איז אָפט געווען אַ גאַנץ שווערע. ווי עס איז בעקאַנט, ווערען פיעלע ענגלישע ווערטער פערשיעדענאַרטיג אויסגעלעגט. עס איז דעריבער נויטיג געווען, אַז מיר אַליין זאָלען פעסטשטעלען די פּאַסיגע אויסלעגונג נאָך אַן אויספיהרליכען שטודיום.

אין אַלגעמיין האָבען מיר זיך דאָ געהאַלטען אָן דער אויסלעגונג, וואָס איז אָנגענומען אין אַמעריקאַ און אָן די איינפאַכערע פאָרמען, אויסמיידענדיג די גאָר נייעסטע רעפאָרמען. אין איינינע פעלע וואו עס איז געווען אונפּראַקטיש אויסצולאָזען געוויסע פאָרמען פון אויסלעגען אַ וואָרט, האָבען מיר געגעבען אַלע פערשיעדענע פאָרמען. אָבער אויך אין דיזע פעלע האָבען מיר געמאַכט אונזער אייגענעם אויסוואַהל דערמיט וואָס מיר האָבען איבערגעזעצט דאָס וואָרט אין דער פאָרם, וואָס איז, נאָך אונזער מיינונג, די ריכטיגסטע און צו דיזען וואָרט האָבען מיר אָבגעשיקט די אַנדערע ווערטער.

די אויסשפּראַך.

אין דער פראַגע פון דער אויסשפּראַך האָבען מיר געהאַט פאַר זיך צוויי פּראָבלעמען: ערשטענס, די פערשיעדענאַרטיגע אויסשפּראַך פון געוויסע ענגלישע ווערטער; צווייטענס, די פּראָבלעם, ווי איבערצוגעבען די אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש.

דיא ערשטע פּראָבלעם איז געלעזט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די פראַגע פון אויסלעגען, דאָס הייסט, נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג, האָבען מיר פעסטגעשטעלט די אויסשפּראַך, וועלכע איז, נאָך אונזער מיינונג, די פּאַסיגסטע. וואָס אָנבעלאַנגט דער צווייטער פּראָבלעם, איז ניט מען האָט געקענט און ניט עס איז געווען ווינשענסווערטה איינצופיהרען ספּעציעלע צייכענס פאַר דער אָדער יענער אויסשפּראַך פון אַן ענגלישען קלאַנג, ווייל עס איז מעגליך געווען כמעט גענוי איבערצוגעבען די ענגלישע אויסשפּראַך דורך אידישע בוכשטאַבען.

וואָס פאַר צייכענס מען זאָל ניט איינפיהרען, וועט מען דאָך ניט קענען אין גאַנצען ערקלערען, ווי מאַנכע ענגלישע קלאַנגען און מיטעל-קלאַנגען ווערען אַרויסגערעדט, ווי למשל, די קלאַנגען a, o און u פאַר אַ r. דער אויסלענדער קען זיך בלויז דעמאָלט אויסלערנען די אויסשפּראַך פון דיזע קלאַנגען, ווען ער הערט, ווי זיי ווערען אַרויסגערעדט. אַזוי ווי דער אויסלענדער איז גענייגט אַרויסצורייידען th ווי אַ ”ד”, האָבען מיר גערעכענט פאַר נויטיג איבערצוגעבען דיזע קלאַנגען דורך ”טה”. דער

As in spelling, the necessities of the situation called for a definite ch by the editor after thorough investigation. As to the second, keys for] nunciation and symbols were neither feasible nor desirable. The use of available Yiddish consonants and vowels and a few special combination these was found to be a satisfactory way of transliterating. In almost cases the sounds and the middle sounds were thus given. In a very few stances it was not possible to do this, such as for example, the proper so to the letters "o," "a" and "u" before "r." The sound "th" presented s cial difficulties. This sound, as has been well said, is unteachable tho learnable. Since the foreigner is more likely to err by pronouncing the " like a "d," we leaned in our transliteration towards "t". The comp scheme of transliteration is explained in the Yiddish preface. The words transliterated are not syllabified but only separated for the purposes of p nunciation and accent.

DEFINITION

The Yiddish-speaking population of America consists chiefly of adult migrants and presents the widest variety of intellectual training and cap ity, from the university-trained student to the workman whose opportuni for mental development have opened up only with his arrival here. groups however find the acquisition of English and acquaintance w American life and thought absolute necessities.

It is obvious that the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will of great value to the educated immigrant. He will find clear, accurate a comprehensive definitions of those words, terms and phrases that are curr among educated classes in the English-speaking world. On the other ha no less care was given to meet the needs of the untaught. In defining e the most elementary words or terms, it was assumed that the person c sulting the dictionary had nothing to unlearn and everything to acqu about the meaning and use in question. By explanation, by illustration, examples in English or in Yiddish, by cross-reference to synonymous or alogous words, the meaning given in the simplest Yiddish is made clear e to one who possesses only the bare rudiments of an education.

Definition was confined exclusively to the *present* meaning and of words. The most common meaning and widest use of the words w given first, then shades of meaning. In most instances words which h a special meaning when used in connection with other words were given w these others as phrases. Where necessary for the sake of clearness of def

גאַנצער פּלאַן, וואָס מיר האָבען אָנגענומען, צו בעצייכנען די ענגלישע קלאַנגען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע, ווערט ווייטער איבערגעגעבען אין א בעזונדערער ערקלערונג.

פערטייטשונגען און ערקלערונגען.

אונזער "ענגליש־אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך" איז בעשטימט פאַר אַלע אידען, אָהן אויסנאַהמע, פון דעם העכסט־געבילדעטען ביז דעם אַם ווענינגסטען געבילדעטען, פאַר דעם אידען, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו לערנען ענגליש און פאַר דעם אידען, וואָס קען שוין ענגליש. די פערטייטשונגען און ערקלערונגען האָבען דעריבער געמוזט זיין אַזעלכע, וואָס זאָלען קענען צופריעדענשטעלען אַלע קלאַסען אידען. די פערטייטשונגען זיינען קלאָר, פּשוט, פּינקטליך און אויספיהרליך. עס ווערען געגעבען אַלע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער און אַלע שאַטירונגען פון דיעזע בעדייטונגען. דער וואָס קען שוין ענגליש וועט לערנען נאָך מעהר און ווער עס קען נאָך ניט די ענגלישע שפּראַך וועט פון דעם ווערטערבוך קענען אָנהויבען צו לערנען.

אין דער פערטייטשונג פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר געשטרעבט צו געבען די בעדייטונגען, וועלכע די ווערטער האָבען איצטער. די פעראַלטערטע און פאַרצייטיגע בעדייטונגען זיינען מייסטענס אויסגעלאָזען געוואָרען. אין דער איינאָרדנונג פון די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעלבען וואָרט האָבען מיר זיך געהאַלטען אָן דעם כלל, אַז די מעהר געברויכליכע און געוועהנליכע קומען צום ערשטען. ווען געוויסע ענגלישע ווערטער האָבען א ספּעציעלע בעדייטונג אין פערבינדונג מיט אַנדערע ווערטער, ווערט געגעבען די גאַנצע פראַזע און דערצו אין דערזעלבער אַלפאַבעטישער אָרדנונג ווי איינצעלנע ווערטער. אום קלאָרער צו מאַכען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעלבען וואָרט, ווערען אָפט די בעדייטונגען נומערירט און עס ווערען אונטען געגעבען ענגלישע פראַזען אונטער ענטשפּרעכענדע נומערען, צו צייגען, ווי דאָס וואָרט ווערט געברויכט.

אין דעם אויסוואַהל פון ענגלישע פראַזען צו אילוסטרירען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר זיך געמוזט צופּאַסען צו די ספּעציעלע פאָדערונגען, וועלכע מען קען שטעלען צו אַזאַ ווערטערבוך ווי אונזערער, און אַנשטאַט צו געבען אויסציגע פון בעקאַנטע ליטעראַרישע ווערק, ווי עס איז אָנגענומען אין די גרויסע ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער, האָבען מיר געגעבען פּשוט'ע, אַלטעגליכע פראַזען.

די אידיאָמען, דאָס הייסט, די אייגענאַרטיגע שפּראַך־אויסדריקע, וועלכע לאָזען זיך ניט איבערזעצען בוכשטעבליך אין אַן אַנדער שפּראַך, זיינען ביי אונז איבערגעזעצט פריי, מייסטענס דורך ענטשפּרעכענדע אידישע אידיאָמען.

אילוסטראַציאָנען.

מיט דעם אויסוואַהל פון אילוסטראַציאָנען האָבען מיר אויך בעצוועקט די ספּעציעלע צופּאַסונג צו די אידישע פאָדערונגען. די אידישע שפּראַך איז זעהר אָרים אין ווערטער אויף'ן געביעט פון נאַטור־געשיכטע, נאַוויגאַציאָן, ערד־אַרבייט א. ז. וו. דעם אידען פעהלט די בעקאַנטשאַפט מיט פיעלע פאַכען, פּראָפעסיאָנען און מלאכות. עס איז דעריבער ניט נור נויטיג געווען צו שאַפען מאַסען נייע ווערטער, נאָר עס איז אויך נויטיג געווען צו געבען ביי די ווערטער אילוסטראַציאָנען און בילדער, אום קלאָר צו מאַכען זייער בעדייטונג. מיר האָבען, אַלזאָ, אַריינגעבראַכט ספּעציעלע אילוסטראַציאָנען, אויסער די יעניגע וואָס ווערען געוועהנליך געגעבען אין אַלע ווערק פון דעם מין.

דער ענציקלאָפּעדישער טייל.

אין דער צוזאַמענשטעלונג פון דעם ענציקלאָפּעדישען טייל פון ווערטערבוך האָט די רעדאַקציאָן זיך גערעכענט מיט אַלע מעגליכע קלאַסען פון אידישען פאָלק: מיט דעם געבילדעטען אויסלענדער, מיט דעם פּראָפעסיאָנעלען מענשען, מיט דעם סטודענט, מיט דער הויז־ווירטהין, מיט דעם פערמער, מיט דעם בעל־מלאכה און מיט דעם הענדלער. דאָס ווערק איז פול מיט קליינע אַרטיקלען און אָבהאַנדלונגען איבער די פערשיעדענסטע געגענשטענדע. עס זיינען פאַראַן פיעלע טויזענדע ערקלערונגען פון טערמינען אויף'ן געביעט פון נאַטור־וויסענשאַפט, פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, קונסט, פילאָזאָפיע, רעליגיאָן, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, פּאָליטיק, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, האַנדעל, אינדוסטריע א. ז. וו.

די ערקלערונגען זיינען שטרענג וויסענשאַפטליך, זיינען פאָרזיכטיג אויסגעאַרבייט און זיינען בע־

tion, the different meanings of a word were grouped numerically and app riate illustrative examples in English added.

The conventional method of using phrases and quotations from lite masterpieces to illustrate the meaning and use of words was obviously suitable for our purpose, since such phrases and quotations can have sig icance only to those who are well acquainted with English literat Accordingly, phrases and quotations of ordinary conversational usage given as a more serviceable aid to definition. Idioms were likewise tre in an original manner. Every idiomatic expression was translated freely the equivalent Yiddish idiom.

ILLUSTRATIONS

The selection of illustrations requires some explanation. In the fiel natural history, seafaring, handicraft and in many other domains there paucity of words in the Yiddish language. In parts this deficiency was plied by suitably coined words, and in such instances the use of illustrat was indispensable. We have also included an abundance of illustrations the simplest tools, machinery, agricultural implements and utensils in d use. The Yiddish population of America was largely reared in rural and s suburban communities in Europe. Illustrations of the character mentic will help these people adapt themselves to the enlarged material surround of American city and country life.

ENCYCLOPEDIC MATTER

In the selection of encyclopedic matter, the needs of all groups v considered, those of the educated foreigner, the professional man, the dent, the business man, the mother and housewife, the farmer, the artisan the tradesman. The work abounds in carefully prepared authoritative and to-date articles on the most important terms in the field of physical, nat and mental science, of technology and handicraft, of philosophy and ar religion and theology, of mathematics, of general and American history politics, economics and sociology, of commerce, trade and industry, of A ican customs, manners and life.

The treatment of expressions for ideas which of necessity are matte controversy was studiously unbiased. The aim throughout has been to de a term exactly in the way in which the group to whom the term bel would define it.

גרינדעט אויף די נייעסטע וויסענשאפטליכע פארשונגען. די טערמינען, וואס האבען צו טהאן מיט אידעאלען, געזעלשאפטליכע ריכטונגען און סאציאל-פאליטישע לעהרען, זיינען אין אונזער ווערטערבוך ערקלערט געווארען מיט שטרענגער אונפארטייאישקייט. אונזער שטרעבונג איז דערביי געוועזען צו ערקלערען דיעזע טערמינען אזוי ווי זיי ווערען געוועהנליך פערשטאנען פון די אנהענגער פון די דאזיגע לעהרען, ריכטונגען אדער אידעאלען.

די אידישע שפראך.

איבער הונדערט און צוואנציג טויזענד ענגלישע ווערטער געפינען זיך אין אונזער "ענגליש-אידישען ענציקלאפעדישען ווערטערבוך". ענגליש איז די רייכסטע שפראך וואס אנבעלאנגט איהר ווערטער-שאץ. די ענגלישע שפראך פערמאגט מעהר ווערטער ווי וועלכע ניט איז אנדערע שפראך. פאר יעדען בעגריף האט זי פיעלע פערשיעדענע ווערטער און יעדעס ווארט האט פיעלע בעדייטונגען.

אין פערגלייך מיט דער ענגלישער שפראך איז אונזער אידיש, אלס א יונגע שפראך, אלס א פאלקס-שפראך, אלס א שפראך מיט זעהר א יונגער און בעשרענקטער ליטעראטור, זעהר און זעהר ארים.

דיא אידישע שפראך געפינט זיך איצטער אין פראצעס פון ענטוויקלונג און פארמירונג. יעדעס נייע ערנסטע ווערק פון פעראנטווארטליכע אידישע שרייבער העלפט מיט דיעזער ענטוויקלונג און פארמירונג. מיר גלויבען אבער, אז עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען דא מאכען די בעהויפטונג, אז קיין ווערק האט נאך ניט בייגעטראגען אזוי פיעל צו דער בערייכערונג און פארמירונג פון דער אידישער שפראך, ווי אונזער "ענגליש-אידישעס ענציקלאפעדישעס ווערטערבוך".

צו דער איבערזעצונג פון די פיעלע, פיעלע צעהנדליגע טויזענדע ווערטער פון דער אונגעהייער-רייכער ענגלישער שפראך זיינען מיר צוגעטראטען מיט דיא געצעהלטע פאר טויזענד אידישע ווערטער. עס האבען אונז געפעהלט ווערטער פאר פיעלע אבסטראקטע בעגריפען. מיר האבען ניט געהאט קיין נעמען פאר הונדערטע פלאנצען, חיות, פיש, אינזעקטען און אזוי ווייטער, וועגען וועלכע דער איד האט לחלוטין קיין בעגריף ניט און פאר וועלכע ער האט ניט קיין נעמען אין זיין שפראך. עס האבען אונז געפעהלט דיא איינפאכסטע ווערטער צו בעצייכנען אינסטרומענטען. עס האבען זאגאר געפעהלט אידישע ווערטער וואס ווערען געברויכט ביי שניידעריי, שוסטעריי, סטאלעריי און אזוי ווייטער, ווייל די מייסטע ווערטער פון דיעזען סארט זיינען ענטנומען אין רוסלאנד — פון דער רוסישער שפראך, אין גאליציען און רומעניען — פון דער דייטשער און אין אמעריקא — פון דער ענגלישער.

און דעריבער איז עס אויסגעקומען, אז די מייסטע ענגלישע ווערטער האט מען אין אונזער ענציקלאפעדישען ווערטערבוך ניט נור בעדארפט איבערזעצען, נאר מען האט אויך בעדארפט שאפען די נויטיגע ווערטער פאר דער איבערזעצונג אדער זייערע פארמען אדערביידע צוזאמען.

דערצו איז געווען נאך איין שוועריגקייט. מען האט ביי דער איבערזעצונג געמוזט אין זינען האבען, אז מיט אונזער ענציקלאפעדישען ווערטערבוך וועלען זיך בענוצען אידען פון פערשיעדענע לענדער. מען האט בעדארפט נעהמען אין אנבעטראכט, אז פערשיעדענע זאכען האבען פערשיעדענע נעמען אין גאליציען, רומעניען, רוסלאנד און אמעריקא.

עס קומט אויף אזא אופן אויס, אז מען האט זיך ניט אימער געקענט פריי בענוצען אפילו מיט יענע ווערטער, וועלכע זיינען שוין אין געברויך ביי געוויסע טיילען פון אידישען פאלק, אויס מורא, אז זיי וועלען קלינגען טערקיש פאר אנדערע אידען.

און נייע ווערטער, א גרויסער שטראם נייע ווערטער האט זיך אונבעדינגט געפאדערט, ערשטענס, אום צו קענען איבערזעצען די אונגעהייער-גרויסע צאהל ענגלישע ווערטער און, צווייטענס, אום צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א אידישער שפראך, וועלכע זאל קענען געברויכט ווערען אויף אלע געביעטען פון מענשליכען דענקען. די ארבייט איז געווען א ריעזיגע, אבער זי איז ווערטה געווען די מיה.

צום אלעם ערשטען האבען מיר אריינגעבראכט אין אונזער ענציקלאפעדישען ווערטערבוך אלע יענע וויסענשאפטליכע טערמינען, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע האבען בעקומען בירגער-רעכטע אין אלע שפראכען פון די ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע מען געברויכט שוין טיילווייז ביי אונז און וועלכע מען וועט נאך מעהר מוזען געברויכען אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אונזער שפראך. אום אבער דיעזע שווערע ווערטער זאלען ניט בלייבען קיין פוסטע קלאנגען פאר די געברויכער פון אונזער ווערטערבוך און אום זיי זאלען קענען אריינגעהן אין געברויך, איז ביי אונז איינגעפיהרט געווארען, אז יעדעס ווארט אזעלכעס זאל גענוי ערקלערט ווערען אין פשוט'ע ווערטער.

פאר נעמען פון חיות, פלאנצען, פיש און אזוי ווייטער, פאר וועלכע מען האט ניט געפונען קיין

INFLUENCE ON THE YIDDISH LANGUAGE

An important result of the publication of the English-Yiddish Ency pedic Dictionary will be its influence on the development of the Yid language. As indicated above, Yiddish is a language of few words when c pared with English. It was therefore necessary to adopt and incorpo thousands of words that form a part of the world's languages into former tongue. In the accomplishment of this task, the standards of ortl raphy and word-formation which were adopted, will undoubtedly have an portant influence on the future growth of Yiddish. Students of this phas language development will be interested in the editor's special note on subject in the Yiddish preface.

ACKNOWLEDGMENTS

The editor desires to express his thanks to all his colleagues and laborators, whose cooperation made the success of this vast and unus undertaking possible.

He is particularly indebted to Mr. Benzion Hoffman, Mr. Louis Lan and Mr. Morris Terman, the associate editors. Their devotion, self-sacri genuine and constant interest in the work, their unfailing industry must ever stand out as a manifestation of the true spirit of scholarship.

To Mr. S. Vaisberg the success of the mechanical details of the wor mainly due. Only those familiar with the printer's art can fully apprec the technical difficulties involved in the publication of a bilingual diction in the Semitic and Aryan languages. Mr. Vaisberg was ably assisted Mr. M. Milch, Mr. T. Glass and Mr. M. Davidow.

But above all, the editor owes a debt of gratitude to the late lamen Mr. Jacob Saphirstein, the founder and manager of the Jewish Press P lishing Company. His vision it was which conceived the value and sig cance of the work. The full measure of confidence, sympathy and supp which he gave to the editor has made its realization possible.

PAUL ABELSON.

New York, December 21, 1914.

ווערטער אין דער אידישער שפראך, האָט מען זיך געמוזט ווענדען צו צוויי שפראכען, פון וועלכע אידיש האָט געשעפּט ווערטער־שטאָף מיט דער פולער האנד — צו דייטש און צו רוסיש. הויפּטזעכליך אָבער האָט מען זיך אין אונזער ווערטערבוך בענוצט מיט דייטשע ווערטער שוין פּשוט דערפאר, ווייל דייטש איז אם נעהנטסטען צו אידיש און דייטשע ווערטער פּאסען זיך אם בעסטען אריין אין דער אידישער שפּראך און ווערען לייכטער פערדייהט אין אונזער מאמע־לשון. רוסישע ווערטער זיינען געברויכט געוואָרען מייסטענס אזעלכע, וועלכע האָבען זיך שוין מעהר אָדער וועניגער צוזאמענגעלעבט מיט אידיש. ניט זעלטען זיינען געברויכט געוואָרען אי דאָס דייטשע אי דאָס רוסישע וואָרט.

אויך די געוועהנליכע אידישע ווערטער איז מען אָפט געווען געצוואונגען צו געבען עטליכע מיט אמאָל. דאָס האָט מען זיך אזוי נוהג געווען אין דעם פאל, ווען די ווערטער זיינען געווען פּראָווינ־ציאליזמען. דערמיט איז דערגרייכט געוואָרען א דאָפּעלטער ציעל: ערשטענס, האָט מען דאָס ענג־לישע וואָרט געמאכט פערשטענדליך פאר אלע אידען און צווייטענס, האָט מען אריינגעבראכט אין דער אידישער שפּראך וועניג־בעקאנטע ווערטער, וועלכע וועלען וואהרשיינליך שפּעטער אלגעמיין אָנגע־נומען וו׳רען אין דער אידישער ליטעראטור.

דערפון זאָל אָבער ניט געצויגען ווערען דער פאלשער שלוס, אז מיר האָבען גענומען אלע ווער־טער, וועלכע עס זיינען אונז נור געקומען צו דער האנד. אין דער צייט, ווען מיר האָבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו קריגען די נויטיגע ווערטער וואו מיר האָבען זיי נור געקענט געפינען, האָבען מיר זיך אָבער געגעבען נאָך מעהר מיה אויסצוקלייבען די פּאסיגסטע, דאָס הייסט, אזעלכע, וואָס זיינען אם מעהרסטען פערשפּרייט, אָדער זיינען אין זייער פאָרמע נעהנטער צו דער אידישער ליטעראַרישער שפּראך, צו איהרע גראמאטיקאלישע פאָרמען און צו איהר גייסט. וואו עס האָט זיך נור געלאָזט, האָבען די דייטשע ווערטער בעקומען א אידישע פאָרמע.

אריינבריינגענדיג נייע ווערטער און נייע פאָרמען פון ווערטער, האָבען מיר אויך אין זינען געהאט אויסצואַרבייטען מעהר אָדער וועניגער פעסטע גראמאטיקאלישע כללים און אן אויסגעהאלטענע אויס־לעגונג פון ווערטער.

מיר זיינען זיכער, אז אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אידיש וועט אונזער גרויסעס ווערק דיענען אלס וויכטיגער פאקטאָר און יעדער אידישער שרייבער און יעדער פאָרשער פון אידיש וועט אונזער ווערטערבוך קענען און מוזען געברויכען אלס רעפערענץ־בוך.

דאנקזאגונגען.

צום שלוס וויל דאָ דער רעדאקטאָר אויסדריקען זיין הערצליכען דאנק צו אלע זיינע קאָלעגען און מיטארבייטער, וועלכע האָבען דורך זייער ארבייט געמאכט מעגליך דעם ערפאָלג פון דיעזער ריעזיגער, אונגעוועהנליכער אונטערנעהמונג.

ער פיהלט זיך ספּעציעל פערפּליכטעט צו די הערן בן־ציון האָפמאן (צביון), לואיס לאנדוי (א. וואָהלינער) און מאָררים טערמאן, זיינע מיט־רעדאקטערע. בלויז מענשען מיט אמת׳ער ליעבע צו דער וויסענשאפט האָבען געקענט, ווי זיי, ארויסצייגען אזא טיעפען אינטערעס, אזא איבערגעבענהייט און אזא גרינדליכקייט אין דער פערפאָלקאָמונג פון דיעזען ווערק.

הערר סעמיועל ווייסבערג האָבען מיר צו פערדאנקען דעם ערפאָלג פון דער טעכנישער זייט פון דעם ווערטערבוך. נור די יעניגע, וואָס זיינען בעקאנט מיט׳ן דרוק־פאך, וועלען קענען אָבשאצען די גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען אין אזא אויסגאבע ווי אונזערע. הערר ווייסבערג׳ס פעהיגע מיטהעל־פער אין דער טעכנישער אָבטיילונג זיינען געווען הערר מ. מילך, הערר ט. גלאס און הערר מ. דייווידאָוו.

אָבער די טיעפסטע דאנקבארקייט און אָנערקענונג פיהלט זיך דער רעדאקטאָר פערפּליכטעט אויס־צודריקען דעם זעליגען יעקב סאפּירשטיין, דעם גרינדער און פערוואלטער פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." ער האָט געשאפען דעם געדאנק וועגען דיעזער אונטערנעהמונג און ער האָט מעגליך געמאכט די פערווירקליכונג פון דיעזען געדאנק דורך זיין צוטרויען צו דער רעדאקציאָן, זיין מיטוויר־קונג און סימפּאטיע.

פאול אייבעלסאָן.

ניו יאָרק, 21טען דעצעמבער, 1914.

ערקלערונג וועגען דער אויסשפּראַך

די אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש ווערט אין דיעזען ווערטערבוך פּאַנאַנדערגעטיילט אין בעזונדערע זילבען דורך שטריכעלעך (—).

די ווערטער ווערען פּאַנאַנדערגעטיילט אין זילבען ניט לויט די גראַמאַטיקאַלישע כללים, נאָר, צוליעב בעקוועמ־ליכקייט, לויט זייער אויסשפּראַך.

דער אַקצענט פון אַ וואָרט ווערט אָנגעדייטעט אין ענגליש און אין אידיש דורך דעם צייכען (׳).

מאַנכע ענגלישע קלאַנגען קענען ניט גענוי איבערגעגעבען ווערען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע קלאַנגען, ווי עס איז שוין אָנגעצייגט אין דער פאָררעדע צו דיעזען ווערק. אין אַזעלכע פעלע זיינען אין דעם ווערטערבוך אין דער אידישער אויסשפּראַך געברויכט יענע אידישע קלאַנגען, וואָס זיינען אַם נאָהענטסטען צו די ענט־שפּרעכענדע ענגלישע. פאָלגענדע אידישע קלאַנגען האַבען פאָלגענדע בעדייטונג אין דער אויסשפּראַך פון די ענגלישע_ווערטער:

א) אַה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אַ.
ב) אָה בעצייכענט אַ ברייטען קלאַנג אָ.
ג) אָו בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אָ.
ד) עה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ע.
ה) וה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ו.
ו) יע בעצייכענט: ערשטענס, אַ לאַנגען קלאַנג י, ווי אין וואָרט "ליעבע" אָדער דעם ווייכען קלאַנג ע, ווי אין וואָרט "יענער".
ז) יעי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג יע ווי אין וואָרט "יענער" מיט אַ צוגאָב פון אַ י צו ענדע.
ח) יי בעצייכנען: ערשטענס, אַ צירה (..) אָדער דעמזעלבען קלאַנג ווי אין "ריידען"; צווייטענס, דעמזעלבען קלאַנג ווי ײַ.
ט) אַי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג ווי עס האָבען יי אין וואָרט "זיין".
י) ײ, יָה און יה בעצייכנען די צוזאַמענגיסונג פון צוויי קלאַנגען י אָדער אַן אויסגעצויגענעם קלאַנג י.

אין דער אידישער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען w, gu און qu ווערט אין דיעזען ווערטערבוך צוגעגעבען אַ ה, אום צו בעצייכנען די אייגענאַרטיגקייט, מיט וועלכער דיעזע קלאַנגען ווערען אַרויסגערעדט אין ענגליש.

פערקירצונגען און ראשי תבות:

אין אידיש.

א. ד. ג.	און דאָסגלייכען.
א. ז. וו.	און זאָ ווייטער.
איל.	אילוסטראַציאָן.
ד. ה.	דאָס הייסט.
ז.	זעה.

אין ענגליש.

a.	**adjective**
adv.	**adverb**
c.	**conjunction**
int.	**interjection**
n.	**noun**
pr.	**pronoun**
prep.	**preposition**
v.	**verb**

LIST OF COLORED PLATES

		Pages
BIRDS OF THE UNITED STATES	(between)	126—127
DIAGRAM ILLUSTRATING THE PRIMARY COLORS AND THEIR COMBINATIONS OR TINTS	(facing)	250
NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES	(facing)	504
NATIONAL FLAGS	(between)	506—507
CULTIVATED FRUITS	(between)	538—539
NORTH AMERICAN GAME BIRDS	(between)	548—549
GEMS	(between)	556—557
GRASSES AND THEIR ALLIES	(between)	586—587
BLOODVESSELS OF THE HUMAN BODY	(between)	656—657
BUTTERFLIES AND MOTHS	(facing)	904
SPECIMENS OF ORNAMENTAL ENAMELING	(facing)	972

A

A, a (איי) דער ערשטער בוכשטאב פון
דער *a-b-c*

a *a. and prep.* (ע) א, איין; צו, אין;
אויף.

A 1 (איי הוואן) ערשטע זארט; ערשטע
קלאסע.

It was a first-class entertainment, it was **A1.**

aal *n.* (אהל) א מין ווארצעל צו פארבען
רויט.

aam *n.* (אהם) אן אייל; אזא מאס אין
האלאנד צו מעסטען אויל און וויין [אלס
וויין מאס האלט זיא 41 ענגלישע גאלאן
און אלס אויל=מאס—37].

aard'vark *n.* (ארד'-ווארק) דער ערד=
שוויין [אין זיד=אפריקא].

Aardvark

aard'wolf *n.* (ארד'-הוואולף) דער ערד=
וואלף [אזא זיד=אפריקאנישע חיה וועל=
כע איז עהנליך צו א היענע און שפייזט
זיך מיט אינזעקטען].

Aardwolf

Aaron'ic *a.* (ע-ראנ'-איק) וואס איז
שייך צו אהרן הכהן.

Aaron'ical *a.* (ע-ראנ'-אי-קעל) וואס
איז שייך צו די כהנים [וועלכע קומען
ארויס פון אהרן הכהן].

Aar'on's-rod *n.* (ער'-אנז-ראד) אהרן'ס
שטעקען [אזא ארנאמענט וואס בעשטעהט
פון א שטעקען פון וועלכען עס שפראצען
בלעטער פוןביידע ענדען, אדער א שטע=
קען ארום וועלכען עס איז ארומגעדרעהט
א שלאנג].

Ab *n.* (עב) דער חודש אב.

A. B. (איי בי) די ראשי תבות פון
די ווערטער *Artium Baccalaureus*
א בילדונגס טיטול פאר סטודענטען וואס
ענדיגען אן אוניווערזיטעט.
ז. *bachelor of arts*

ab'aca *n.* (עב'-ע-קא) א מין פלאקס [וואס
וואקסט אין אזיען].

ab'acist *n.* (עב'-ע-סיסט) א בעל=חשבון,
א רעכנער.

aback' *adv.* (ע-בעק') 1. צוריק; ריק=
ווערטס; צוריקגעטראטען; פון הינטען;
פון ווייטען; 2. מיט דעם ווינד אנטקעגען
[וועגען א שיף]; מיט די זעגעל אין דער
ריכטונג פון ווינד; 3. מבולבל.

1. Eight days **aback.** 2. They lay the sails **aback.** 3. He was taken **aback** when he heard the remark.

abac'tio *n.* (ע-בעק'-שי-או) א מפיל דורך
קינסטליכע מיטעל.

abac'tion *n.* (עב-עק'-שאן) דאס אוועק'=
גנב'ענען פיעל בהמות מיט א מאל און זיי
אוועקפיהרען.

In the cattle raising districts of the West, **abaction** is a crime severely punished.

abac'tor *n.* (עב-עק'-טאר) א פיה=גנב.

ab'acus *n.* (עב'-ע-קאס) 1. א רעכען=
ברעט; א שפיעל=ברעט; 2. דער אוי=
בערשטער טייל פון א זייל.



1. Abacus

2. Abacus

Abad'don *n.* (עב-עד'-און) דער טייוועל;
די העל [גיהנם].

abaft' *adv.* (ע-בעפט') אין דעם הינטער=
טהייל פון א שיף; פון הינטען.

aba'lienate *v.* (עב-איי'-ליענ-אייט)
ענטפרעמדען; אבטרעטען, איבערטראגען
דאס רעכט פון אייגענטהום פון איינעם צו
אן אנדערן.

aba'lienated *a.* (עב-איי'-ליענ-איי-
טעד) ענטפרעמדעט, איבערגעטראגען צו
אן אנדערען [וועגען אייגענטום]; צופוילט
אדער אזוי שטארק בעשעדיגט, אז מען
דארף עס אוועקשניידען [אין דער מעדי=
צין]; צומישט, געשטערט [אין שכל];
פערפוילט.

abaliena'tion *n.* (עב-איי-ליענ-איי'-
שאן) די איבערטראגונג; די אבטרעטונג;
די ענטפרעמדונג; די איבערגעבונג פון
אייגענטומסרעכט פון איינעם צום אנדע=
רען.

abalo'ne *n.* (ע-בא-לאו'-ני) א מין פיש
מיט א הארטער שאלעכץ; מויער קאפ.

Abalone

abamu'rus *n.* (עב-ע-מיו'-ראס) א פער=
פעסטיגונג, א צווייטע וואנד צו פערפעס=
טיגען.

aban'don *v.* (ע-בענ'-דאן) 1. פערלאזען;
אוועקווארפען; 2. נאכגעבען; אויפגעבען;
לאזען אין שטיך; לאזען געהן, לאזען
געהן ווי עס געהט.

1 The sailors may **abandon** a sinking ship.

abandon' *n.* (ע-באנ-ראן') דאס פער=
לאזען; דאס אין שטיך לאזען; אויסגעלא=
סענהייט; דאס האלטען זיך פריי.

aban'doned *a.* (ע-בענ'-דאנד) 1. פער=
לאזען; אויפגעגעבען; אוועקגעווארפען; 2.
אויסגעלאסען; איבערגעבען צו זינד; זינ=
דיג.

1. The general **abandoned** his position.

aban'doner *n.* (ע-בענ'-דאנ-ער) אן
אוועקווארפער; א פערלאזער.

aban'doning *n. and a.* (ע-בענ'-דאנ-
אינג) 1. דאס פערלאזען; אוועקווארפונג;
2. פערלאזענדיג.

1. The **abandoning** of the friends of youth is contemptible.
2. **Abandoning** all its supplies, the army retreated.

aban'donment *n.* (ע-בענ'-דאנ-מענט)
דאס פערלאזען, דאס אויפגעבען, דאס אב=
טרעטען; דאס פיהרען אן אויסגעלאסע=
נעם לעבען.

abarticula'tion *n.* (עב-אר-טיק-יו-
ליי'-שאן) לייכט בעוועגליכע גליעדער=
געלענקען.

abase' *v.* (ע-ביים') 1. ערנידעריגען;
אראבזעצען; אראבשלאגען פון מוטה;
2. ארונטערקוקען אויף איינעם מיט פער=
אכטענדע בליקען.

1. Her look **abases** me. 2. Will she **abase** me?

abased' *a.* (ע-בייסט') דערנידערט, אראב=
געשלאגען פון מוטה.

abase'ment *n.* (ע-ביים'-מענט) דעמו=
טיגונג; ערנידעריגונג; נידערשלאגענהייט.

abash' *v.* (ע-בעש') פערשעמען; אין
פערלעגענהייט ברייגגען.

abashed' *a.* (ע-בעשט') פערשעהמט;
איינגעשראקען, אין פערלעגענהייט.

abash'ing *a.* (ע-בעש'-אינג) פערשעמענ=
דיג; שטעלענדיג אין פערלעגענהייט.

abash'ment *n.* (ע-בעש'-מענט) פערלע=
גענהייט; בעשטירצונג; פערשעמונג.

aba'table *a.* (ע-ביי'-טעבל) וואס מען
קען ארונטעררייסען, אונגילטיג מאכען,
צושטערען; אראבזעצען, אומשטויסען.

abate' *v.* (ע-בייט') 1. פערמינדערן;
2. שטילען; ערנידעריגען; אראבשלאגען
פון מוטה; 3. ארונטערלאזען [פון פרייז];
אונגילטיג מאכען; מיט אונרעכט אוועק=
נעהמען.

1. The evils of bad government can be abated.
3. He will **abate** from his original demand.

aba'ted *a.* (ע-ביי'-טעד) אבגעהאקט
[ווערט מייסטענס געברויכט אין שטיין=
הויעריי].

abate'ment *n.* (ע-בייט'-מענט) פערמינ=
דערונג; ראבאט; אראבלאזען פון פרייז;
דעפיציט; שטערענדער אומשטאנד; גרינג=
שעצונג; די בעזייטיגונג פון א זאך,
אויף וועלכע מען האט קיין רעכט ניט;
דיא אונגילטיגמאכונג; קאסירונג פון א
משפט, דיא בעזייטיגונג פון אן איבעל.

aba'ter *n.* (ע-ביי'-טער) א פערמינדע=
רער; א פערמינדערונגס מיטעל; א מי=
דערונגס מיטעל.

ab'atis *n.* (עב'-ע-טים) א באריקאדע פון בוימער מיט די שפיצען געגען פיינד; א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

aba'tor *n.* (ע-ביי'-טאר) א מענש וואס נעהמט עפעס צו מיט אונרעכט, אדער וואס ירש'ענט מיט אונרעכט.

ab'attis *n.* (עב'-ע-טים) באריקאדע פון בוימער מיט דיא שפיצען געגען פיינד, א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

abattoir' *n.* (ע-בע-טו-אר') א שלאכט-הויז.

abb *n.* (עב) [גארען] אזא זארט פאדים ביים וועבען; אזא זארט וואלען-שטאף.

ab'ba *n.* (עב'-ע) א פאטער.

ab'bacy *n.* (עב'-ע-סי) די אמט פון אן אויפזעהער איבער א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

abba'tial *a.* (עב-איי'-שעל) וואס איז שייך צו אן אויפזעהער פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bé *n.* (עב'-איי) אן אויפזעהער, אדער א הויפט פון א קלויסטער אדער מאנאס-טיר.

ab'bess *n.* (עב'-עס) אן אויפזעהערין איבער א קלויסטער פון מאנאשקעס.

ab'bey *n.* (עב'-ע) א קלויסטער, א מא-נאסטיר.

ab'bey-lout *n.* (עב'-ע-לאוט) א דומער יונג.

ab'bey-lub'ber *n.* (עב'-ע-לאב'-ער) א דיקער, פוילער מאנאך.

ab'bot *n.* (עב'-אט) א קלויסטער-אויפ-זעהער [א גייסטליכער וואס האט צו זא-גען איבער א מאנאסטיר].

ab'bot-gen'eral *n.* (עב'-אט-דזשענ'-ע-רעל) דער הויפט-אויפזעהער פון די קלויסטערס אדער מאנאסטירען פון א מא-נאכען ארדען.

ab'bot in commen'dam (עב'-אט אין קא-מענ'-רעם) א פריוואט פערזאן, וואס האט דעם טיטול פון א קלויסטער אויפ-זעהער.

ab'botship *n.* (עב'-אט-שיפ) דער אמט פון א קלויסטער אויפזעהער.

abbre'viate *v.* (ע-ברי'-ווי-אייט) אב-קירצען; מאכען קירצער, שרייבען מיט ראשי תבות.

abbre'viated *a.* (ע-ברי'-ווי-איי-טעד) אבגעקירצט, געשריבען מיט ראשי תבות.

abbre'viately *adv.* (ע-ברי'-ווי-אייט-לי) אין קורצען.

abbre'viation *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-שאן) אבקירצונג; ראשי תבות.

N. Y. is an **abbreviation** of New York.

abbre'viator *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-טאר) אן אבקירצער [איינער וואס פערקירצט וואס אנדערע האבען געשריבען]; א שרייבער אין דעם פאפסט'ס קאנצעליא-ריע.

abbre'viatory *a.* (ע-ברי'-ווי-איי-טא-רי) אבקירצענדיג.

abbre'viature *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-טשור) אבקירצונג, אבקירצונגס-צייכען.

abb'-wool *n.* (עב'-הוואול) אזא זארט דינער וואלען-שטאף.

a-b-c *n.* (איי-בי-סי) דאס א-בע-צע, אז-בוקע.

ab'dicable *a.* (עב'-די-קעבל) וואס קען אבגעזאגט ווערען, וואס דארף אבדאנקען; וואס קען אראבגעזעצט ווערען.

ab'dicant *n.* (עב'-די-קענט) איינער וואס זאגט זיך אב פון אן אמט; א קעניג וואס זאגט זיך אב פון טראהן; איינער וואס פערשטויסט זיינע קינדער.

ab'dicate *v.* (עב'-די-קייט) אבזאגען; אבדאנקען; אויסשליסען [פון פאמיליע]; זיך צוריקציהען; רעזיגנירען.

Abdul-Hamid **abdicated** the throne of Tur-key to his brother.

ab'dicated *a.* (עב'-די-קיי-טעד) אבגע-דאנקט, אבגעזאגט זיך פון טראהן.

abdica'tion *n.* (עב-די-קיי'-שאן) ענט-זאגונג; דאס אבזאגען זיך פון אן אמט, דאס אבזאגען זיך פון טראהן.

The **abdication** of the king of Servia pleased his subjects.

ab'dicative *a.* (עב'-די-קיי-טיוו) וואס פעראורזאכט דאס אבזאגען זיך אדער אב-דאנקען פון אן אמט.

ab'dicator *n.* (עב'-די-קיי-טאר) איינער וואס זאגט זיך אב; איינער וואס דאנקט אב פון אן אמט.

abdo'men *n.* (עב-דאו'-מען) דאס אונ-טערלייב, בויך.

abdom'inal *a.* (עב-דאמ'-אי-נעל) וואס געהערט צום אונטערלייב; וואס געהערט צום בויך.

abdom'inal aor'ta (עב-דאמ'-אי-נעל איי-אר'-טא) דער גרויסער פולס-אדער וואס געהט דורך'ן בויך און פער-צווייגט זיך אין צוויי קלענערע פולס-אדערען, וועלכע געהען אריין אין די פיס. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

Abdomina'les *n.* (עב-דאמ-אי-ניי'-ליז) פיש מיט פלוספעדערען אויפ'ן בויך.

abdom'inally *adv.* (עב-דאמ'-אי-נעל-אי) אויף אדער ארום דעם בויך.

abdom'inal re'gions (עב-דאמ'-אי-נעל רי'-דזשאנז) די בויך-געגענדען [די פערשיעדענע טיילען פון בויך ווי זיי ווע-רען איינגעטיילט אין דער אנאטאמיע].



Abdominal Regions

abdom'inal respira'tion (עב-דאמ'-אי-נעל רעס-פי-ריי'-שאן) א טיעפעס אטהעמען, ביי וועלכען עס בעמערקט זיך א בעוועגונג פון בויך.

abdom'inal ring (עב-דאמ'-אי-נעל רינג) אן אינערליכע עפענונג אין דער בויך וואנד נעבען דיך [ירך], וואו דיא געשלעכטליכע טיילען געהען דורך.

abdom'inous *a.* (עב-דאמ'-אי-נאס) וואס אז שייך צום אונטער-לייב, צום בויך; א דיק-בייכיגער.

abdu'cent *a.* (עב-דיו'-סענט) אבציהענ-דיג [א מעדיצינישער אויסדרוק].

Abducent muscles.

abduct' *v.* (עב-דאקט') אבציהען, אב-ווענדען; אוועקפיהרען א מענשען מיט גע-וואלד; אוועקרויבען א מענשען.

abduc'tion *n.* (עב-דאק'-שאן) דאס אוועקרויבען א מענשען; א ביין-ברוך אין גלענק, די טהעטיגקייט פון די אבצי-הענדע מוסקעלען; די פאדערונג פון אן אנדער בעוויז.

abduc'tor *n.* (עב-דאק'-טאר) דער אב-ציה-מוסקעל; דער אוועקפיהרער, דער אוועקרויבער.

abeam' *adv.* (ע-ביעם') קווער, פאפעריק [ביי שיפען].

abear' *v.* (ע-בעהר') אריבערטראגען; דולדען.

abeceda'rian *n.* (איי-בי-סי-דיי'-רי-ען) אן אלף-בית מלמד, א מקרי דרדקי; ...אלף-בית אינגעל; אן אלף-בית, אן ...ע-צע.

abed' *adv.* (ע-בעד') ...בעט, צו בעט.

To be **abed** early, makes one rise betir...

abele' *n.* (ע-ביל') ... וויספאפעל [אזא ...ם וואס האט ווייסע בלעטער און צוויי-...].

a'belmosk *n.* (איי'-בעל-מאסק) ...עמ-...ינער, ביזעמבוים [א קליין בוימעל ...ז בעשטענדיג גרינע בלעטער. אויף ...ום וואקסען אזעלכע שמעקעדיגע קער-...', וואס ווערען געברויכט אין פאר-...ם].

a'bel-tree *n.* (איי'-ביל-טרי) ...ספאפעל ...זא בוים, וואס האט ווייסע בלעטער ... צווייגען].

aber'devine *n.* (ע-בויר'-דע-וואין) ...ר ...יזשיק [אזא קליין פויגעלע].

Aberdevine

aberr' *v.* (עב-אויר') ...ומוואנדערען, ...אנדזשען.

aber'rance *n.* (עב-ער'-ענס) ... איר-...ם, א טעות; דאס בלאנדזשען, דאס אבגעהן פון דרך הישר.

aber'rancy *n.* (עב-ער'-ענ-סי) ... איר-...ם, א טעות; דאס אראבגעהן פון דרך ...שר; דאס בלאנדזשען.

aber'rant *a.* (עב-ער'-ענט) ...ווייכענדיג, ...אנדזשענדיג; וואס בלאנדזשעט, וואס ...הט אראב פון דרך הישר, נישט נארמאל.

aber'rate *v.* (עב-ער'-אייט) ...נדערען, ...אנדזשען; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

aberra'tion *n.* (עב-ער-איי'-שאן) ...דאס ...אנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר; ...אבווייכונג פון אמת אדער פון דער ...טירליכקייט; 2. די שיינבארע בעווע-...ג פון די אונבעוועגליכע הימעלסקער-...ר; 3. די צושפרייטונג פון די ליכט-...שטראהלען אין א שפאקטיוו.

1. He suffered from an **aberration** of ... mind.

aberra'tional *a.* (...ב-ע-ריי'-שאנ-על) ...ס בלאנדזשעט, וואס אירט זיך.

aberra'tion of in'tellect (...ב-ער-...י'-שאן אוו אינ'-טע-לעקט) אירזין, ...ונעת.

aberun'cator *n.* (...ב-אויר-אנ'-קיי-...ור) אזא גראב-אייזען צום אויסראטען ...ז פון אן ארט; אזא גארטען-שער אב-...שערען צווייגען פון בוימער.

abet' *v.* (ע-בעט') אנרייצען; ...העצען; ...מוטיגען צו טהאן עפעס שלעכטס.

He was aided and **abetted** in the crime.

abet'ment *n.* (ע-בעט'-מענט) ...ס צו-...לפען; די אנצייגונג; דאס העצען; ער-...טיגונג, אונטערשטיצונג; לייסטונג.

abet'ting *n. and a.* (...-בעט'-אינג) ... דאס צוהעלפען, די אנרייצונג, דאס הע-...; 2. צוהעלפענדיג, אנרייצענדיג, אנ-...צענדיג.

1. Aiding and **abetting** criminals is pu...ished as a crime. 2. Corrupt officials ... often **abetting** criminals.

abet'tor *n.* (ע-בעט'-אר) ...רייצער;

מיט־שולדיגער [אין ראמה, ניט אין טהאט]; אונטערשטיצער; איינער וואס ערמוטיגט צו בעגעהן א פערברעכען.

abevacua'tion *n.* (עב-ע-ווע-קיו-איי'-שאן) טיילווייזע אויסלעדיגונג [מעדיצינישער אויסדרוק].

ab ex'tra (עב עקס'-טרא) פון אויסווייניג.

abey'ance *n.* (ע-ביי'-ענס) 1. די געריכטליכע אבהאלטונג פון א ירושה ביז מען געפינט דעם ריכטיגען יורש; אבווארטונג; 2. אונגעוויסהייט, צווייפעל, דאס צווייפלען פון א ריכטער ווי ארויסצוגעבען זיין אורטייל.

2. The decision of the judge is still in **abeyance.**

abhor' *v.* (עב-האר') פעראבשייען, האסען; מיט פעראכטונג ענטזאגען.

The modern age **abhors** war.

abhor'rence *n.* (עב-האר'-ענס) פעראבשייאונג, האס; פעראכטונג.

We look with **abhorrence** at a murderer.

abhor'rency *n.* (עב-האר'-ענ-סי) פעראבשייאונג, פעראכטונג.

abhor'rent *a.* (עב-האר'-ענט) פעראבשייענד, האסענד.

abhor'rently *adv.* (עב-האר'-ענט-לי) אבשייליך, עקעלדיג.

abhor'rer *n.* (עב-האר'-ער) א פעראבשייער, א פעראכטער.

abhor'rible *a.* (עב-האר'-איבל) פעראכטונגסווערטה.

abhor'ring *n. and a.* (עב-האר'-אינג) די פעראכטונג, די פעראבשייאונג; פעראכטענדיג.

abide' *v.* (ע-באיד') 1. ווארטען; אבשטעלען [אבלעגען אויף שפעטער]; פערבלייבען [אויף א פלאץ]; וואהנען; אויסווארטען; 2. האלטען א פערשפרעכען.

1. Let the lady **abide** with us a few days. 2. I shall **abide** by my promise.

abi'der *n.* (ע-באי'-דער) דער בלייבענדער, דער אויסווארטענדער.

abi'ding *a.* (ע-באי'-דינג) 1. וואהנענד, פערבלייבענד; 2. פארטזעצענד.

1. I am **abiding** in this place. 2. My interest in studies is **abiding.**

abi'dingly *adv.* (ע-באי'-דינג-לי) בלייבענדיג, דויערענדיג, וואהנענדיג.

abi'ding-place *n.* (ע-באי'-דינג-פליים) וואהנונגס־ארט; אויפהאלטונגס־פלאץ.

abiet'ic *a.* (עב-אי-עט'-איק) וואס איז שייך צו א טאנענבוים.

abiet'ic ac'id (עב-אי-עט'-איק עס'-איד) א זויערע געמאכט פון דעם פעך, וואס רינט פון טאנענבוימער.

ab'igail *n.* (עב'-אי-גייל) אן אויפווארטערין; א קאמער־מערכען.

abil'ity *n.* (ע-ביל'-אי-טי) 1. מיטעל; מעגליכקייט; פעהיגקייט; איינגעשאפט; 2. טאלאנט; דאס אימשטאנד זיין אויסצופיהרען א גרויסע אונטערנעהמונג.

1. His financial **ability** is good. 2. He is a man of **ability.**

ab init'io (עב אי-ניש'-אי-או) פון אנהויב.

abintes'tate *a.* (עב-אינ-טעס'-טייט) שטארבענדיג אהן א צוואה.

ab in'tra (עב אינ'-טרא) פון אינווייניג.

abiogen'esis *n.* (עב-אי-או-דזשענ'-ע-סיס) דאס ענטשטעהן, בעשאפען ווערען פון זיך אליין [דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאף].

abiolog'ical *a.* (עב-אי-א-לאדזש'-איק-על) וואס איז שייך צו שטאף, וואס קומט ניט פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

ab'ject *a.* (עב'-דזשעקט) געמיין, נידעריג, אונטערטעניג, פעראכטליך, נידערטרעכטיג, פערווארפען, אונטערווארפען.

Benedict Arnold ended his days in **abject** poverty.

abject'edness *n.* (עב-דזשעקט'-עד-נעס) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט; ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

abjec'tion *n.* (עב-דזשעק'-שאן) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט, ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

ab'jectly *adv.* (עב'-דזשעקט-לי) נידערטרעכטיג, פעראכטליך, געמיין, פערווארפען.

ab'jectness *n.* (עב'-דזשעקט-נעס) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט, ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

abju'dicate *v.* (עב-דזשו'-די-קיים) געריכטליך ענטשיידען געגען,— געריכטליך אבנעהמען דאס אייגענטום.

The United States Supreme Court **abjudicated** the controversy between the public and the gas companies.

abjudica'tion *n.* (עב-דזשו-די-קיי'-שאן) די געריכטליכע ענטשיידונג געגען,— די געריכטליכע אבנעהמונג פון אייגענטום.

abjura'tion *n.* (עב-דזשו-ריי'-שאן) די ענטזאגונג פון עטוואס אונטער א שבועה.

abjura'tion of the realm (עב-דזשו-ריי'-שאן אוו טהי רעלם) ענטזאגונג פון קעניגליכען טהראן.

bar'gain *n. and v.* (באר'־גיין) א קויף, א קניה; א האנדעל; פראפיט; א מציאה; אן אבמאך; א קאנטראקט; האנדלען, קוי־פען.

bar'gain and sale (באר'־גיין ענד סייל) א געזעצליכער פערקויפס־קאנ־טראקט.

bar'gain-coun'ter *n.* (באר'־גיין־קאונ'־טער) א טיש אין א קראם, וואו מען לעגט אויס מציאות [רעשטלעך אדער סחורות וועלכע מען פערקויפט פאר רעדוצירטע פרייזען].

bar'gain-day *n.* (באר'־גיין־דיי) א בעשטימטער טאג, ווען מען פערקויפט אין די קראמען רעשטלעך אדער ווארע פאר רעדוצירטע פרייזען.

bargainee' *n.* (באר־גיי־ניע') א קויפער; דער צד וואס שליסט א קאנטראקט עטוואס צו קויפען.

bar'gainer *n.* (באר'־גיי־נער) ז. ***bargainor***

bar'gain for (באר'־גיין פאר) זיך עט־וואס אויסדינגען; זיך דינגען פאר...

bar'gainor *n.* (באר'־גיינ־אר) דער פערקויפער; דער צד וואס שליסט א קאנ־טראקט עטוואס צו פערקויפען.

barge *n. and v.* (בארדזש) בארקע, שיף, לאדקע [צום פיהרען משא]; פיהרען משא אדער טראנספארטירען אויף א בארקע.

barge'-board *n.* (בארדזש'־באורד) אין ארכיטעקטור — אזא אויסגעשניצט פער־ציערונגס־ברעט וואס ווערט בענוצט צו בעשלאגען די ברעגעס פון דאך וואס שטארצען ארויס איבער דער וואנד.

Barge-board

barge'man *n.* (בארדזש'־מען) א שיי־פער; איינער וואס האט אויפזיכט איבער א בארקע.

barge'-mas'ter *n.* (בארדזש'־מעס־טער) דער בעל הבית פון א בארקע; א שיפער.

bar'ghaist *n.* (באר'־גייסט) א רוח, געשפענסט, וואס ווערט פארגעשטעלט אין דער פארם פון א הונד און וואס זיין ער־שיינען איז א סמן אויף טויט און אונ־גליק.

bar'ghest *n.* (באר'־געסט) ז. ***barghaist***

bar'guest *n.* (באר'־געסט) ז. ***barghaist***

bar'ic *a.* (בער'־איק) וואס איז שייך צו אדער ענטהאלט באריום [ז. ***barium***]; וואס איז שייך צום ווענען פון לופט.

baril'la *n.* (בע־ריל'־ע) זאלץ־קרויט [א פלאנץ בענוצט צו מאכען סאדע]; א סאדע געמישט מיט שוועבעל.

bar'-i'ron *n.* (באר'־אי'־ערן) שטאב־איי־זען; שטאנגען־אייזען.

ba'rite *n.* (ביי'־ראיט) נאטירליכער בא־ריום־סולפאט [א מינעראל וואס בעשטעהט פון באריום און שוועפעל].

bar'itone *n. and a.* (בער'־אי־טאון) באריטאן [א שטימע וואס איז צווישען באס און טענאר]; ניט בעטאנט אויף דער לעצטער זילבע; א ווארט, וואס זיין לעצ־טע זילבע איז ניט בעטאנט.

ba'rium *n.* (ביי'־רי־אם) באריום [א זילבער־ווייסער כעמישער עלעמענט פון דער מעטאל־גרופע].

ba'rium sul'phate (ביי'־רי־אם סאל'־פייט) באריום שוועפעלזויער־זאלץ.

bark *n. and v.* (בארק) א דריי מאסטיגע שיף; א בארקע; א קליין שיפעל; קארע [פון א בוים]; אבשיילען די קארע פון א בוים; אבשינדען די הויט; בילען, האוו־קען; שטארק הוסטען.

bar'kantine *n.* (באר'־קען־טין) א דריי מאסטיגע שיף.

bark at (בארק עט) בילען, האווקען אויף...

bark at the moon (בארק עט טהי מוהן) בילען אויף דער לבנה [סתם קא־כען זיך אהן א שום ציעל].

bark'bared *a.* (בארק'־בעהרד) אבגע־שיילט די קארע [פון א בוים].

bark'-bed *n.* (בארק'־בעד) א טרייב־הויז [א פלאץ אויסגעבעט מיט גארבער־קארע וואו עס ווערען געהאלטען פלאנצען אין ווינטער].

bar'keeper *n.* (באר'־קיפ־פער) שענק־ווירט; שענק בעדיענטער.

bar'ken *v. and a.* (באר'־קען) ווערען

פערהאַרטעוועט [ווי קאָרע]; בילדען אַ קאָרע; גאַרבען, אויסאַרבייטען אַדער פאַר־בען מיט קאָרע; פון קאָרע.

bar'kentine *n.* (באַר'-קען-טין) ז. ***barkantine***

bar'ker *n.* (באַר'-קער) אַ בילער, אַ שרייער, אַן אַבשפּאַטער; אַן אַבשיי־לער [פון בוימער די קאָרע].

bar'kery *n.* (באַר'-קער-אי) אַ גאַרבאַר־נע; אַ פּלאַץ, וואו מען האַלט קאָרע.

bark'-galled *a.* (באַרק'-גאַהלד) וואָס די קאָרע איז בעשעדיגט [ביי אַ בוים].

bar'king *n.* (באַר'-קינג) דאָס אַבשיי־לען די קאָרע פון אַ בוים; דאָס גאַרבען פעל מיט קאָרע; דאָס בילען [פון אַ הונד].

bark'-pit (באַרק'-פּיט) אַ גרוב וואו די גאַרבער ווייקען איין די פעל.

barks *n.* (באַרקס) דאָס בילען, דאָס האַווקען.

bark'-stove *n.* (באַרק'-סטאָוו) ז. ***bark-bed***

bark'-tanned *a.* (באַרק'-טענד) גע־גאַרבט דורך קאָרע פון אַ בוים אנשטאַט דורך געוויסע כעמישע מאַטעריאַלען [ווע־גען פעל און אַנדערע זאַכען, וועלכע מען גאַרבט].

bark up the wrong tree (באַרק אַפּ טהי ראַנג טריע) טרעפען ווי אַ בלינד פערד אין פּאַרקאַן [פאַלען אויף אַן אַנ־דער זאַך אנשטאַט אויף דער, צו וועלכער מען האַט געשטרעבט].

bar'ky *a.* (באַר'-קי) פון קאָרע; וואָס בעשטעהט פון קאָרע; בעדעקט מיט קאָרע.

bar'ley *n.* (באַר'-לי) גערשטען, אַ גערשט; פּערל־גריץ; גאַנגעלעך; גערשטענע גרויפּען; גערשטענע מעהל.



Barley

bar'ley-bread *n.* (באַר'-לי-ברעד) גערשטען־ברויט.

bar'ley-broth *n.* (באַר'-לי־בראָטה) גערשטען־זאַפּט; שטאַרקער ביער.

bar'leycorn *n.* (באַר'-לי-קאָרן) גערש־טען־קערענדעל; אונגעפעהר אַ זעקסטעל פון אַ צאָל [אינטש].

bar'ley-meal *n.* (באַר'-לי־מיעל) גערש־טען־מעהל.

bar'ley-mow *n.* (באַר'-לי־מאַו) דער אָרט וואו מען לעגט צונויף די גערשטען־גאַרבען.

bar'ley-seel *n.* (באַר'-לי-סיעל) די צייט פון שניידען גערשטען.

bar'ley-sug'ar *n.* (באַר'-לי-שוג'-ער) גערשטען־צוקער.

bar'ley-wa'ter *n.* (באַר'-לי-הוואַה'-טער) גערשטען־וואַסער [דער קליי פון גע־קאָכטע גערשטען־גרויפּען].

barm *n.* (באַרם) ביים [הייוועז; שוים איהרען].

•**bar'-mag'net** *n.* (באַר'-מעג'-נעט) אַ נעמאַכטער [ניט נאַטירליכער] שטאָהלענער מאַגנעט אין דער פאָרם פון אַ שטענגעל.

bar'maid *n.* (באַר'-מייד) שענק־מיידעל; קעלנערין.

Bar'mecidal *a.* (באַר'-מי-סאַי-דעל) ז. ***Barmecide***

Bar'mecide *a.* (באַר'-מי-סאַיד) עהנליך צו אַ מעשה פון טויזענד און איין נאַכט; פאַנטאַסטיש, אילוזאַריש, ניט ווירקליך.

bar'-muz'zle *n.* (באַר'-מאַז'-על) אַ מויל־שלאָס פאַר אַ פערד, אַז ער זאָל ניט קענען בייסען.

Bar-muzzle

bar'my *a.* (באַר'-מי) וואָס ענטהאַלט הייוועז; הייוועדיג.

barn *n. and v.* (באַרן) אַ שייער, שפּייכ־לער; ברייננען אין שייער.

bar'nacle *n. and v.* (באַר'-נעקל) די ריננעלגאַנז־מושעל [אַזאַ מושעל וואָס קלעפּט זיך אַן צו שיפען, צו שווימענדען האָלץ א. ד. ג. ווענען דיעזער מושעל עק־זיסטירט אַ פאָלקס לעגענדע, אַז די ריננעל־גאַנז ווערט פון איהר געבאָרען]; אַ מענש פון וועמען מען קען זיך ניט אַבטשעפּען; אַ ריננעלגאַנז [אַ מין ווילדע גאַנז ווע־גען וועלכער עס עקזיסטירט אַ פאָלקס לע־גענדע, אַז זיא וואַקסט אויף אַ בוים ביים ברעג ים אַדער אַז זי ווערט געבאָרען פון אַ מושעל]; אַ געוויסער זאַרט צוים פון אַ פערד; בעפעסטיגען; אַנברייניגען.

bar'nacle-goose *n.* (באַר'-נעקל-גוהס) די ריננעל־גאַנז [אַזאַ מין ווילדע גאַנז].

bar'nacle on some one (באַר'-נעקל אָן סאָם הוואַן) זיך אויף איינעם אַנלעגען, זיך ארויפדרינגען אויף אימעצען.

bar'nacles *n.* (באַר'-נעקלז) ברילען.

barn'-door *n.* (באַרן'-דאָור) דער טויער פון אַ שייער.

barn'-floor *n.* (באַרן'-פלאָור) דער פלאָר וואו מען דרעשט די תבואה אין שייער.

barn'-fowls *n.* (באַרן'-פאַולז) הויז־הי־נער; נעפלינגעל.

bar'ney *n.* (באַר'-ני) אַ וועגעלע, מיט וועלכען מען שטופּט ארויף אַ קויהלען־וואַגען אויף אַ משופּע'דיגען ארויפגאַנג [ביי קויהלען־גריבער]; אַ פויסטען־וועט־קאַמפּף; אַ נאַרעריי, אַ נישט־געשטויגענע זאַך.

barn'-owl *n.* (באַרן'-אַול) דער ווייסער נאַכט־פויגעל [האַלט זיך מייסטענס אויף אין שייערען וואו ער פאַנגט מייז].

Barn-owl

barn'-stor'mer *n.* (באַרנ'-סטאַר'-מער) דער שפּייכלער־שטורמער [אַ וואַנדערענ־דער אַקטיאָר, וואָס שפּיעלט אין פּראָווינץ מעהרסטענטיילס אין אַ שפּייכלער אַדער שייער].

barn'-stor'ming *n.* (באַרנ'-סטאַר'-מינג) דאָס שטורמען דעם שפּייכלער אַדער שייער [דאָס שפּיעלען פון אַ וואַנדערענ־דער טרופּע אַקטיאָרען].

barn'-swal'low *n.* (באַרן'-סוואַל'-אָו) אַ שוואַלב וועלכע בויעט איהר נעסט אין אַ שייער.

Barn-swallow

barn'-yard *n.* (באַרן'־יאַרד) דער הויף פאַר אַ שייער.

bar of rest (באַר אָוו רעסט) אַ פויזע [אין מוזיק].

bar'ograph *n.* (בער'-אָ-גרעף) אַ באַראָ־גראַף [אַ באַראָמעטער, וואָס פערצייכענט פון זעלבסט דעם לופט־דרוק].

barograph'ic *a.* (בער-אָ-גרעפ'-איק) וואָס איז שייך צו אַ באַראָגראַף. ז. ***barograph***

barol'ogy *n.* (בער-אַל'-אָ-דזשי) די לעה־רע ווענען דער שווערקייט אַדער געוויכט פון קערפּער.

barom'eter *n.* (בע-ראַמ'-ע-טער) באַראָ־מעטער [אַן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דרוק פון דער לופט].

baromet'ric *a.* (בער-אָ-מעט'-ריק) וואָס איז שייך אַדער וואָס איז געמאָסטען מיט אַ באַראָמעטער.

Barometric changes. **Barometric** experiments.

baromet′rical *a.* (בער-א-מעט׳-ריק-על) ז. *barometric*.
baromet′rically *adv.* (בער-א-מעט׳-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א באַראמעטער.
barom′etry *n.* (בע-ראמ׳-ע-טרי) די לעהרע ווי צו מעסטען דעם דרוק פון דער לופט מיט א באַראמעטער.
bar′on *n.* (בער׳-אן) באַראן, פרייהערר [אדעל-טיטעל].
bar′onage *n.* (בער׳-אן-עדזש) דער אדעלשטאַנד; באַראנן-ווירדע.
bar′oness *n.* (בער׳-אן-עס) באַראנעסע. בער׳-אן-עס
bar′onet *v. and n.* (בער׳-אן-עט) באַראנעט [אין ענגלאַנד — אן אדעל-טיטעל, וואס איז קלענער ווי באַראן]; בעהערען מיט׳ן טיטעל באַראנעט.
bar′onetage *n.* (בער׳-אן-עט-איידזש) דער טיטעל פון א באַראנעט; דער שטאַנד פון דעם קלענערען אדעל [אין ענגלאַנד].
bar′onetcy *n.* (בער׳-אן-עט-סי) דער טיטעל פון א באַראנעט.
bar′onetship *n.* (בער׳-אן-עט-שיפ) ז. *baronetcy*.
baro′nial *a.* (בע-ראו׳-ני-על) וואס בע-לאַנגט צו א באַראן אדער צום אדעל-שטאַנד.
bar′onism *n.* (בער׳-אן-איזם) די הער-שאַפט פון באַראנען; פעאדאַליזם.
bar′onship *n.* (בער׳-אן-שיפ) דער טי-טעל אדער ווירדע פון א באַראן.
bar′ony *n.* (בער׳-אן-אי) די ווירדע אדער שטאַנד פון א באַראן; דאס לאַנד-בעזיץ פון א באַראן.
baroque′ *n. and a.* (בע-ראוק׳) אויפ-פאַלענד, זאנדערליך, זעלטזאם, וואונדער-ליך; זאנדערבאר; פאַנטאַסטיש; א זאך וואס האט א זאנדערבארען אויסזעהן.
bar′oscope *n.* (בער-א-סקאופ) באַרא-סקאפ [אן אינסטרומענט וועלכער ווייזט אן די ענדערונג אין דעם דרוק פון דער לופט].
baroscop′ic *a.* (בער-א-סקאפ-איק) ז. *baroscopical*.
baroscop′ical *a.* (בער-א-סקאפ-אי-קעל) וואס קען ווערען געמאכטען מיט א באַראסקאפ. ז. *baroscope*.
barouche′ *n.* (בע-רוהש׳) א דראזשקע, א בריטשקע.
barouchet′ *n.* (בע-רוה-שיי׳) א קליי-נע דראזשקע, א קליינע בריטשקע.
bar′-posts *n.* (באַר׳-פאוסטס) די זייטען-סלופעס פון א גארטען-טויער.
barque *n.* (בארק) א בארקע, א שיף.



Barque

bar′racan *n.* (בער׳-ע-קען) אזא גראָבע שטאף פון קעמעל-האר.
bar′rack *n.* (בער׳-עק) באַראַק; קא-זארמע; פעלד-ביידעל.
Soldiers live in **barracks**.
bar′rack-mas′ter *n.* (בער׳-עק-מעס-טער) דער קאַזארמע אינספעקטאר.
bar′rack-mas′ter gen′eral (בער׳-עק-מעס׳-טער דזשענ׳-ער-על) דער הויפט אויפזעהער פון קאַזארמעס.
bar′racks *n.* (בער׳-עקס) קאַזארמעס.
bar′rack-yard *n.* (בער׳-עק-יארד) קאַזארמע-הויף.
barracoon′ *n.* (בער-ע-קוהן׳) א קאזאר-מע צו האלטען געפאנגענע שקלאפען אין אפריקא.
barracou′ta *n.* (בער-ע-קו׳-טא) ז. *barracuda*.
barracu′da *n.* (בער-ע-קו׳-דא) שפיעז-העכט [אזא גרויסער פיש אין די וועסט-אינדישע וואסערען].
bar′rage *n.* (באר׳-עדזש) אן אבהאלט, א שטערונג, א דאם.
barran′ca *n.* (בע-רענ׳-קע) א טיעפער טהאל, אן אבגרונד; א פערטיעפונג אויס-געגראבען דורך א וואסער-שטראם.
barran′co *n.* (בע-רענ׳-קא) ז. *barranca*.
bar′ras *n.* (בער׳-עס) טערפענטין.
bar′rater *n.* (בער׳-ע-טער) ז. *barrator*.
bar′rator *n.* (בער׳-ע-טאר) א ריכטער וואס נעהמט כאבאר; א געזעץ-פערדרע-הער; אן אדוואקאט וואס רייצט אן צו פערפיהרען פראצעסען; א קאפיטאן פון א שיף וואס בעגעהט שווינדעל.
bar′ratorship *n.* (בער׳-ע-טאר-שיפ) געזעץ-פערדרעהונג; כאבאר-נעהמעריי פון ריכטער; אונעהרליכע פראצעס-פיהרונגען פון אדוואקאטען; אויפהעצונג צו לאדען זיך; שווינדעל פון א שיף-קאפיטאן.
bar′ratrous *a.* (בער׳-ע-טראס) שולדיג אין באַראטערי; שווינדלעריש.
ז. *barratry*.
bar′ratrously *adv.* (בער׳-ע-טראס-לי) דורך באַראטערי; דורך שווינדעל.
ז. *barratry*.
bar′ratry *n.* (בער׳-ע-טרי) בעטרוג; אדוואקאטען שווינדעל; געזעץ-פערדרע-הונג; כאבאר-נעהמעריי; שווינדעל פון א שיף-קאפיטאן; אויפהעצונג צו לאדען זיך.
bar′rel *n. and v.* (בער׳-על) פאס, טון, א צילינדער פון א אוהר; די רעהר פון א ביקס; די סומע וואס א קאנדידאט פאר א פאליטישען אמט גיט אויס [הויפטזעכליך פאר אונריינע צוועקען]; אריינלעגען אין א פאס; אנפילען א פאס.
bar′rel-bel′lied *a.* (בער׳-על-בעל׳-איד) גראָב-בייכיג.
bar′rel campaign′ (בער׳-על קעמ-פיין׳) א וואהל-אגיטאציע, אין וועלכער מען קויפט שטימען.
bar′rel churn (בער׳-על טשורן) אזא פעסעל צום אויסשלאגען פוטער.

Barrel Churn

bar′reled *a.* (בער׳-עלד) וואס האט א ראהר [ביי א ביקס]; געפאקט אין פע-סער; איינגעשלאסען אין א צילינדער אדער ראהר.
bar′rel-fe′ver *n.* (בער׳-על-פי׳-ווער) פלאשען-פיבער [טרונקזוכט].
bar′rel-hooks *n.* (באר׳-על-הוקס) א פאר אייזערנע קרוקעס, מיט וועלכע מען נעהמט אן א פאס.
bar′relled *a.* (בער׳-עלד) ז. *barreled*.
bar′rel of the ear (בער׳-על אוו טהי איער) אויער טראמעל [דאס הייטעל אין אויער וואס נעהמט אויף דעם קלאנג].
bar′rel of the wheel (בער׳-על אוו טהי הוויעל) די וועלע פון שטייער-ראד [ביי א שיף].
bar′rel-or′gan *n.* (בער׳-על-אר׳-גען) א קאטערינקע; א דרעה-ארגעל.
bar′rel up (בער׳-על אפ) אנפילען א פאס.
bar′ren *n. and a.* (בער׳-ען) 1. אונ-פרוכטבאר וויסט לאנד; אונפרוכטבאר [ביי חיות אדער פלאנצען]; 2. פרוכט-לאז; אהן רעזולטאטען; אונפראדוקטיוו; טרוקען; ארעם; אבגעשמאקט; אונאינ-טערעסאנט; וואס טראגט קיין פראצענט [קאפיטאל].
1. The West has much **barren** land. 2. The investigation was **barren** of results.
bar′rener *n.* (בער׳-ענ-ער) א יאלעווע קוה [א קוה וואס קעלבט זיך נים].
bar′ren ground (בער׳-ען גראונד) אונפרוכטבארער שטיין-לאגער [ווערט גע-ברויכט בנוגע צו א גרונט וואו עס איז ניטא אדער עס איז זעהר ווייניג שטיין-קויהלען]; אן אונפרוכטבארער בארדען.
bar′renly *adv.* (בער׳-ענ-לי) אונפרוכט-באר; נים בריינגענדיג קיין פראפיט.
bar′ren meas′ures (בער׳-ען מעזש׳-ורז) די גרוים פון שיכט פון אונניצליכע שטיין-קויהלען, וואס ענטהאלט זיך אין א שטיין-קויהלען-לאגער אין דער ערד.
bar′renness *n.* (בער׳-ען-נעס) אונ-פרוכטבארקייט; קינדערלאזיגקייט; טרו-קענקייט; גייסטיגע ארימקייט; בעדיי-טונגסלאזיגקייט.
bar′ren-spir′ited *a.* (בער׳-ען-ספיר׳-אי-טעד) גייסטלאז; גייסטארעם.
bar′renwort *n.* (בער׳-ען-הוואירט) זאקען-בלום [אזא בלום וואס האט די פארם פון א זאק].
bar′ret *n.* (בער׳-עט) א בארעט [אזא פלאכע סאלדאטען היטעל].
bar′retor *n.* (בער׳-ע-טאר) ז. *barrator*.
bar′retry *n.* (בער׳-ע-טרי) דאס אנ-רייצען צו פערפיהרען פראצעסען; דאס פערשפרייטען רכילות; דאס אנרייצען צו מחלוקת [ווען דאס טהוט אן אדוואקאט כדי ער זאל האבען צו פיהרען פראצע-סען].
barricade′ *n. and v.* (בער-אי-קייד׳) 1. באריקאדע [פערצאמונג פון וועגע אין א מלחמה]; א הינדערניש; 2. פערצא-מען, פערשטעלען; פערבאריקאדירען.
1. The mob built a **barricade** in the street. 2. The gamblers **barricaded** themselves in the room, and defied the police.
barrica′der *n.* (בער-אי-קיי׳-דער) באריקאדען-בויער; באריקאדען-קעמפפער.
bar′rier *n. and v.* (בער׳-אי-ער) באריער; שלאגבוים; פעסטונג; בעפעס-טיגונג; גרענעץ-פעסטונג; פארמויער; גרענעץ-שטיין; גרענעץ; שוץ-מויער; הינדערניש, שטערונג; מאכען א באריער.
bar′rier-gate *n.* (בער׳-אי-ער-גייט) א באריער טויער. ז. *barrier*.

bar'ring *prep.* (באר'-אינג) אויסער; אויסשליסענד; אויסגענומען; אבגעזעהן פון...
Barring accidents, the plans will be carried out.

bar'ring-out *n.* (באר'-אינג-אוט) די אויסשליסונג [פון אימעצען].

bar'rister *n.* (בער'-איס-טער) יוריסט, געזעץ-קענער, אדוואקאט.

bar'rister at law (בער'-איס-טער עט לאָה) אדוואקאט.

bar'-room *n.* (באר'-רום) א שענק.

bar'row *n. and v.* (בער'-או) טאטשקע; פיהרען א טאטשקע; א בערגעל; א קבר-בערגעל; א חזיר א סריס.

bar'rowman *n.* (בער'-או-מען) א טאטשקע-פיהרער.

bar'row-truck *n.* (בער'-או-טראק) א האנד-וועגעל אויף צוויי רעדער צו פיהרען פראכט.

barse *n.* (בארס) אַ אקען, א בארש [אזא פיש].

bar'-shot *n.* (באר'-שאט) די שטאנגען קוגעל [צוויי קוילען פעראייניגט מיט א שטענגעל, ווערט געברויכט אין מלחמה אויף'ן ים].

Bar-shot

bars of the grate (בארז אוו טהי גרייט) די אייזערנע שטאבעטקעס פון א פארקאן אדער פון א רעשאטקע [ראסט] אין א אויווען.

bar'tender *n.* (באר'-טענ-דער) א קעלנער אין א שענק.

bar'ter *n. and v.* (באר'-טער) דער טויש, טוישהאנדעל; טוישען, בייטען, מאכען חלוף; פערקויפען פאר א קליינעם פרייז.
Barter is a primitive form of trading. Goods are exchanged, not bought and sold.

bar'terer *n.* (באר'-טער-ער) א טויש-הענדלער [איינער וואס פערקויפט ניט זיין וואארע, נאר טוישט זי אויס אויף אנדער וואארע].

bar'tering *n.* (באר'-טער-אינג) טויש-האנדעל.

bar'tizan *n.* (באר'-טי-זען) א שויי-טורעם [א קליינער טורעם מיט קוק-לעכער צוגעבויט צו א וואנד פון א הויז].

baru'ria *n.* (בע-רוה'-רי-א) א קראנק-האפטע פערדיכטונג פון אורין [השתנה].

bar'ways *adv.* (באר'-הוויז) האריזאנטאל.

bar'wood *n.* (באר'-הוואוד) אפריקאניש רויט-האלץ.

bary'ta *n.* (בע-ראי'-טע) באריום-זויערע [א כעמישער שווערער גיפטיגער גרוי-ווייסער פולווער].

bary'tes *n.* (בע-ראי'-טיז) ז. ***barite***

bar'ytone *n. and a.* (בער'-אי-טאון) ז. ***baritone***

ba'sal *a.* (ביי'-סעל) וואס איז שייך צו א באזע אדער גרונדשטאף [אין דער כעמיע]; פונדאמענטאל; וואס האט א באזיס, א גרונד.

basalt' *n.* (בע-סאלט') באזאלט, ... לענשטיין [אזא גלאנציגער זיילענפערמיגער שטיין].

basal'tiform *a.* (בע-סאל'-טי-פארם) עהנליך צו א באזאלט-שטיין.

bas'anite *n.* (בעס'-ע-נאיט) פראביער-שטיין [אזא שווארצער שטיין בענוצט צום פראבירען גאלד].

bas-bleu' *n.* (בא-בלעו') א פרוי, וואס מאכט א אנשטעל אויף געלעהרזאמקייט אדער שרייבעריי.

bas'cinet *n.* (בעס'-סי-נעט) אזא שטאלענע פאנצער-היטעל [ביי די פארצייטיגע קריגס-פיהרער].

bas'cule *n.* (בעס'-קיול) א באלאנסיר-פארריכטונג ביי בריקען, וואס איין ענד פון בריק האלט די גלייכגעוויכט פון צווייטען ענד [ביים עפענען].

bas'cule-bridge *n.* (בעס'-קיול-ברידזש) א בריק וואס עפענט זיך דורך א באלאנסיר-פארריכטונג, וואס איין ענד פון בריק האלט אין גלייכגעוויכט דעם צווייטען ענד.



Bascule-bridge

base *n, a. and v.* (בייס) 1. באזיס, גרונד, פונדאמענט; פוס-געשטעל; 2. באזע [גרונדשטאף, הויפטשטאף אין כעמישע פערבינדונגען, וואס בילדעט זאלצען]; א באס [אין מוזיק]; אין בייס-באל שפיעל — איינער פון די פיער ווינקלען פון שפיעל-פעלד; טיעף; 3. נידעריג; פון נידריגער אבשטאמונג, געבארען ניט פון א געזעצליכער הייראט; פאלש; געמיין; 4. גרינדען, בעגרינדען; שטעלען, שטיצען; 5. ערנידעריגען; פערפעלשען.
1. The base of the column. 3. His action was base. 4. Base your arguments on facts.

base alloy' (בייס ע-לאָי') גרינג-האלטיג [מטבעות וועלכע ענטהאלטען וועניגער גאלד אדער זילבער ווי עס דארף צו זיין].

base'ball *n.* (בייס'-באהל) בייס-באל שפיעל [א נעוויסער שפיעל מיט באלען, ווערט געשפיעלט פון צוויי פארטייען צו 9 יעדע, ווערט זעהר פיעל געשפיעלט אין אמעריקא].

base'-board *n.* (בייס'-באורד) א שמאלע ברעט מיט וועלכע עס ווערען אבגעצוימט פון אונטען די ווענד פון א צימער.

base'-born *a.* (בייס'-בארן) געבארען פון נעזעצליך אומפערהייראטע עלטערען [א ממזר].

base'-bred *a.* (בייס'-ברעד) מיט א נידריגער ערציהונג; געמיין; פון א קליינעם יחוס.

base'-coin *n.* (בייס'-קאין) פאלש געלד.

base'-court *n.* (בייס'-קאורט) הינטערשטער הויף פון א הויז; א היהנער-הויף; א נידריגער געריכטס-הויף.

base'-hear'ted *a.* (בייס'-הארט'-עד) מיט געפיהלען פון א פערברעכער; מיט א פאלש הארץ.

base'less *a.* (בייס'-לעס) גרונדלאז; אונבעגרינדעט.
His accusation is baseless.

base'lessness *n.* (בייס'-לעס-נעס) גרונדלאזיגקייט; דאס ניט האבען קיין באדען אונטער זיך.

base'-line *n.* (בייס'-לאין) די גרונד-ליניע; אין בייס-באל שפיעל — די ליניע, וואס פעראייניגט די ווינקלען פון שפיעל-פעלד.

base'ly *adv.* (בייס'-לי) געמיין, נידעריג; אלס ממזר.

base'man *n.* (בייס'-מען) איינער פון די 3 שפיעלער אין דעם אמעריקאנישען שפיעל בייס-באל וואס שטעהען ביים צווייטען, דריטען און פיערטען ווינקעל-פונקט פון דעם שפיעל-פעלד. ז. ***baseball***

base'ment *n.* (בייס'-מענט) א פונדאמענט פון א געביידע; א קעלער-וואהנונג.

base'-min'ded *a.* (בייס'-מאינ'-דעד) געמיין געזינט.

base'-min'dedness *n.* (בייס'-מאינ'-דעד-נעס) געמיינהייט; געמיינע געזינונג.

base'ness *n.* (בייס'-נעס) נידעריגקייט, נידערטרעכטיגקייט, געמיינהייט, אונעכטקייט [פון מעטאלען].

base'-spir'ited *a.* (בייס'-ספיר'-אי-טעד) מיט א נידריגען געמיטה; פייג; מיט א האזען-הארץ; געמיין.

base'-string *n.* (בייס'-סטרינג) באס סטרונע פון א פידעל.

base'-tin *n.* (בייס'-טין) האלב-צין.

bashaw' *n.* (בע-שאה') דער פאשא [טערקישער גובערנאטאר]; א וויכטיגע פערזענליכקייט; א גאנצער מאכער.

bash'ful *a.* (בעש'-פול) שאמהאפט, שעמעוודיג; שרעקעדיג.

bash'fully *adv.* (בעש'-פול-אי) אויף א שעמעוודיגען אדער שרעקעדיגען אופן.

bash'fulness *n.* (בעש'-פול-נעס) שאמהאפטיגקייט; שעמעוודיגקייט; שרעקעדיגקייט.

bash-ibazouk' *n.* (בעש-אי-בע-זוק') באשיבאזוק [א פרייווילליגער סאלדאט פון דער טערקישער ארמיי, וואס האט ניט קיין אוניפארם און בעקומט ניט בעצאהלט]; א צוואווילדעוועטער סאלדאט.

ba'sic *a.* (ביי'-סיק) וואס ענטהאלט א באזע [אין כעמישע פערבינדונגען צו בילדען א זאלץ]; פונדאמענטאל.

basic'ity *n.* (ביי-סיס'-אי-טי) דאס זיין א באזע [אין כעמיע]. ז. ***base***

ba'sify *v.* (ביי'-סי-פאי) פערוואנדלען אין א זאלץ-באזע דורך כעמישע מיטעל.

bas'il *n.* (בעז'-איל) באזיליען-קרויט [א מין שמעקעדיגע פלאנצע]; געגארבטע שעפסענע פעל; די שרעגע אבגעשארפטע זייט פון א דלאט אדער פון א אנדער שנייד-געצייג.

bas'ilar *a.* (בעס'-אי-לאר) וואס געפינט זיך אויף דער גרונדפלעכע; וואס געהער צו דעם באזיס פון קאפ-שארבען.

bas'ilar ar'tery (בעס'-אי-לאר אר'-טער-אי) דער הירנגרונד-שלאג-אדער.

bas'ilar bone (בעס'-אי-לאר באון) דער גרונדביין.

basil'ic *n. and a.* (בע-סיל'-איק) קעניגליך; וואס איז שייך צו א באסיליקע. ז. ***basilica***

basil'ica *n.* (בע-סיל'-אי-קע) א באסיליקע, אלטער קעניגליכער פאלאסט; געריכטס-הויז ביי די אלטע רוימער; א קירך געבויט אין באזיליק סטיל; דאס געזעץ-בוך פון קייזער באזיליוס דעם ערשטען.

basil'ical *a.* (בע-סיל'-אי-קעל) קעניגליך.

basil'ican *a.* (בע-סיל'-אי-קען) וואס איז שייך צו א באסיליקע. ז. ***basilica***

basil'icon *n.* (בע-סיל'-אי-קאן) קעניגס-זאלב, וואונד-זאלב.

bas'ilisk *n. and a.* (בעס'-אי-ליסק) דער באזיליסק [א פאנטאסטישע גיפטיגע שלאנג, וועגען וועלכער עס ווערט דער-

צעהלט, אז זי טויטעט מיט'ן קוק]; וואס איז ענליך אדער שייך צו א באזיליסק.

Basilisk

bas'il-weed *n.* (בעז'-איל-הוויעד) אזא וואלד־גראז.

ba'sin *n. and v.* (בייסן) באסיין, וואסער בעקען; בעקעל; דאס טעלערעל פון א וואג־שאל; קעסעל; רעזערוואואר; גרוב; וואס־סער־בעהאלטער; דער שטח לאנד, דורך וועלכען עס פליסט א טייך מיט אלע טייכען און טייכלעך וואס פאלען אין איהם אריין; איינטונקען אין א וואסער־וואנע [הייסע אייזען אבצוהארטען].

bas'inet *n.* (בעס'-אי-נעט) א שטאלען פאנצער־היטעל ביי די פארצייטיגע קריע־גער.



Basinets

ba'sin of a port (בייסן אוו ע פאורט) א באסיין פון א האפען [א טיעפער אויס־געגראבענער ארט אין א האפען וואו שיפען זאלען קענען אריינקומען].

ba'sin-shaped *a.* (בייס'ן-שייפט) וואס האט די פארמע פון א בעקען.

ba'sin-stand *n.* (בייס'ן-סטענד) וואש־טיש.

ba'sis *n.* (ביי'-סיס) באזיס; גרונד־לאגע, פונדאמענט, שטיצע; גרונדליניע, גרונדפלעכע [אין מאטעמאטיק]; די באזע [גרונד־עלעמענט אין כעמיע וואס ביי זיין פערבינדונג מיט זויערען ווערען גע־בילדעט זאלצען].

ba'sist *n.* (ביי'-סיסט) באס־שפיעלער, באס־זינגער.

bask *v.* (בעסק) זיך ווארעמען [פאר דער זון].

The people lie on the beach and bask in the sunshine.

bas'ket *n. and v.* (בעס'-קעט) קארב, קאשיק; אריינלייגען אין קארב; ווארפען אין פאפיער־קארב; צוריקווייזען, ניט אנ־נעהמען.

bas'ket-ball *n.* (בעס'-קעט-באהל) אזא באל־שפיעל, ביי וועלכער מען דארף דעם באל ארייננווארפען אין איינעם פון צוויי קארבען אדער נעצען.

bas'ket-but'ton *n.* (בעס'-קעט-באטן) א מעטאלענער קנאפ, וואס האט די פארם פון א געפלאכטענעם קארב.

bas'ket-chaise *n.* (בעס'-קעט-שייז) א קארב־וואגען.

bas'ket-fish *n.* (בעס'-קעט-פיש) דער שטערנען פיש [אזא פיש וואס האט די פארם פון א שטערען].



Basket-fish

bas'ketful *n.* (בעס'-קעט-פול) אזוי פיעל ווי א קארב קען אריינגעהמען.

bas'ket-handle *n.* (בעס'-קעט-העגדל) קארב־בויגען [אזא אויסגעדריקטער בויגען ביי געביידען].

bas'ket-hilt *n.* (בעס'-קעט-הילט) א שווערד־קארב [א קארבפערמיגע פאר־ריכטונג צו דעם האנדגריף פון שווערד, צו שיצען די האנד].

bas'ket-ma'ker *n.* (בעס'-קעט-מיי'-קער) קארב־פלעכטער, קארב־מאכער.

bas'ket-mee'ting *n.* (בעס'-קעט-מיע'-טינג) א פערזאמלונג [מעהרסטענס א רעליגיעזע] וואוהין די פערזאמעלטע ברייננגען מיט שפייז.

bas'ket-rack *n.* (בעס'-קעט-רעק) געפלאכטענע אדער נעץ־פערמיגע פאליצע פאר געפעק אין די אייזענבאהן־וואגאנען.

bas'ketry *n.* (בעס'-קעט-רי) קארב־ווערק, קארב־ארבייט; קארב־ווארען.

bas'ket-salt *n.* (בעס'-קעט-סאהלט) טיש־זאלץ.

bas'ket-sword *n.* (בעס'-קעט-סאורד) קארב־שווערד. ז. ***basket-hilt***

bas'ketwork *n.* (בעס'-קעט-הווארק) קאשיק־ארבייט, ריטער־ארבייט; יעדע זאך וואס ווערט געפלאכטען פון ריטער.

bas'king-shark *n.* (בעס'-קינג-שארק) דער ריעזען־האיפיש [אזא גרויסער ים־פיש].



Basking-shark

ba'son *n. and v.* (בייס'ן) ז. ***basin***

Basque *n. and a.* (בעסק) איינער וואס שטאמט אב פון די באסקען [אזא פאלק אין שפאניען]; די שפראך פון די באס־קען; וואס איז שייך צו די באסקען און זייער שפראך.

basque *n.* (בעסק) אזא קורצע דאמען־בלוזע.

basquine' *n.* (בעס-קין') אזא אונטער־קלייד, געטראגען פון די באסקישע און שפאנישע פרויען.

Basqu'ish *n. and a.* (בעסק'-איש) ז. ***Basque***

bas-relief' *n.* (בא-רי-ליעף') א האלב־רעליעפער בילד [וואס דער אבדרוק פון די פיגורען איז נאר א ביסעל בולט].

bass *n, v. and a.* (בייס) דער באס [אין מוזיק]; שווארצער שיעפער שטיין אין קויהלען־גרובען; זינגען אדער שפיעלען באס; נידעריג, טיעף [אין דער מוזיק].

bass *n.* (בעס) אמעריקאנער לינדען־בוים; דער ים־וואלף [אזא פיש ענליך צו א בארש, אקען]; א ראגאזשע, מאטע גע־פלאכטען פון לינדען־בוים קארע.

bass clef (בייס קלעף) באס־שליסעל [אין מוזיק־נאטען].

bass drum (בייס דראם) א גרויסע פויק.

bas'set *n. and v.* (בעס'-עט) א קורץ־פיסיגער יאגד־הונד; אזא קארטען־שפיעל; דורכברעכען א שיכט, ערשיינען אויף דער אבערפלעכע [ביי קויהלען־גרובען].

bas'set-horn *n.* (בעס'-עט-הארן) באס־סעט־הארן [אזא מוזיקאלישער אינסטרו־מענט ענליך צו א קלארנעט].

bas'set-hound *n.* (בעס'-עט-האונד) אזא יאגד־הונד מיט קורצע פיס.

bass'-horn *n.* (בעס'-הארן) באס־הארן [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

bas'sinet *n.* (בעס'-אי-נעט) ז. ***basinet***

bass'-mat *n.* (בעס'-מעט) א ראגאזשע, א מאטע.

bas'so *n. and a.* (בעס'-א) א באס־זינגער; א באס־שטימע [אין א כאר]; נידריג, טיעף [אין מוזיק].

bass of an or'gan (בייס אוו ען אר'-גען) די באס פייפלעך פון אן ארגעל.

bassoon' *n.* (בע-סוהן') דער באסאן [א מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט, אויף וועלכען עס ווערט געשפיעלט בלויז די באס־שטימע].

Bassoon

bassoon'ist *n.* (בע-סוהנ'-איסט) דער באסאן־שפיעלער. ז. ***bassoon***

bass'-sin'ger *n.* (בייס'-סינ'-גער) קאנטראבאסיסט.

bass string (בייס סטרינגג) די באס־סטרונע.

bass vi'ol (בייס ואי'-אל) א קאנטרא באס, א באנדורא; א וויאלין צעלא.

bass'wood *n.* (בעס'-הוואוד) דער אמע־ריקאנער לינדען־בוים.

bast *n.* (בעסט) די אונטערשטע קארע פון א לינדענבוים פון וועלכע עס ווערען געמאכט ראגאזשעס [מאטען].

bas'ta *int.* (בעס'-טא) באסטא! גענוג!

bas'tard *n.* (בעס'-טארד) א ממזר; געבארען פון א געזעצליך אונפעראייראטע פאר; ניט קיין ריינער צוקער, צוקער פון צווייטען גראד; געפעלשט; אונעכט; פון אונגעוועהנליכען אדער אונגעהייערען פארמאט.

bas'tardise *v.* (בעס'-טאר-דאיז) ערקלע־רען פאר א ממזר.

bas'tard stuc'co (בעס'-טארד סטאק'-או) דינע וואפנע אדער שטוקאטורא.

bas'tard sug'ar (בעס'-טארד שוג'-אר) ז. ***bastard***

bas'tard title (בעס'-טארד טאיטל) דער צווייטער שער־בלאט פון א בוך, וואו עס ווערט בקיצור איבערגעגעבען דער טי־טול פון בוך, וועלכער איז אנגעגעבען אויף'ן ערשטען שער־בלאט.

bas'tardy *n.* (בעס'-טאר-די) די גע־בורט פון א קינד פון געזעצליך אונפער־הייראטע עלטערען; דאס זיין א ממזר.

baste *v.* (בייסט) שלאגען מיט א שטע־קען; סטריגעווען, אנריגעווען [אנגעהען מיט גרויסע שטעך]; טריפען שמאלץ אויף געבראטענעם פלייש.

Bastile' *n.* (בעס-טיל') די באסטיליע [די בעריהמטע נעפענגניס־פעסטונג אין פאריז, וועלכע איז צושטערט געווארען אין דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין יאהר 1789].

bastile' *n. and v.* (בעס-טיל') א פעס־טונג, א געפענגניס; איינשפארען אין א פעסטונג אדער געפענגניס.



Bastile

Bastille' *n.* (בעס-טיל') *Bastile* .ז

bastille' *n.* (בעס-טיל') *bastile* .ז

bastinade' *n. and v.* (בעס-טי-נייד') דאס שלאגען מיט א שטעקען איבער די פוס־זוילען [א בעשטראפונג אין טערקיי און פערזיען]; א שטעקען, מיט וועלכען מען בעשטראפט אויף אזא אופן; שלאגען איבער די פוס־זוילען.

bastina'do *n.* (בעס-טי-ניי'-דאו) *bastinade* .ז

bas'ting *n.* (בייס'-טינג) דאס שלאגען [מיט א שטעקען]; דאס פייכט מאכען מיט פעטקייט פלייש בייס בראטען; דאס סטריגעווען [נעהען מיט גרויסע שטעך].

bas'ting-la'dle *n.* (בייס'-טינג-ליידל) בראטען־לעפעל, שוים־לעפעל [לעפעל, מיט וועלכען מען שוימט אב דעם טאפ].

bas'ting-machine' *n.* (בייס'-טינג-מע-שין') א מאשין צום סטריגעווען.

bas'tion *n.* (בעס'-טיאן) [אן באסטיאן אויפגעשאטען ערד־בערגעל וואס איז פון פארענט אויסגעמויערט מיט שטיינער — פאר קריגעס־צוועקען].

bas'tionary *a.* (בעס'-טיאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א באסטיאן, באלווערק. *bastion* .ז

bas'tioned *a.* (בעס'-טיאנד) בעשיצט מיט באסטיאנען אדער מיט באלווערק

bas'to *n.* (בעס'-טאו) [אין טרעף טויז א געוויסען קארטען־שפיעל].

bat *n. and v.* (בעט) פלעדערמויז; שטאק, דובינקע, באל־שטאק [צום שפיע־לען]; דעריגינער וואס שלאגט אב דעם באל [ביי באל־שפיעל]; א קלאפ; א קלאפ גיבען מיט א שטאק; ווינקען אדער פינטלען מיט די אויגען; די שנעלינקייט; א פאקזאטעל [פאר אן ארבייטס־פערד]; א ציגעל געטריקענט אויף דער זון.

Bat

ba'table *a.* (ביי'-טעבל) שטרייטיג.

bata'ta *n.* (בע-טא'-טע) זיסע קארטא־פעל.

batch *n. and v.* (בעטש) 1. א געבעק [וואס ווערט אבגעבאקען אויף איין מאל]; 2. א סך געגענשטענדע, וואס ווערען געמאכט אויף איין מאל; א צונויפזאמלונג פון א סך גלייכע געגענשטענדע; צונויפ־זאמלען א סך גלייכע זאכען; 3. א זאמד־באנק [אין ים אדער טייך]; בעשיצען א זאמד־באנק בעדעקענדיג איהם מיט שטיי־נער, אז ער זאל ניט אבגעשוועמט ווערען פון שטראם.

2. He received a batch of letters.

bate *n. and v.* (בייט) שטרייט, צאנק; פערמינדערען; אראבזעצען, אוועקלאזען; זיך פערווינציגערען, פערקלענערען; אויס־שליסען; שלאגען; איינוויקען.

bateau' *n.* (בע-טאו') א לאנג, פלאך שיפעל; א פאנטאן, א שווימענדער בריק.

bat'-fish *n.* (בעט'-פיש) דער פליה־פיש.

bat'-fow'ling *n.* (בעט'-פאו'-לינג) דאס כאפען פויגלען ביי נאכט דורך פערבלענדען זיי די אויגען מיט ליכט.

bath *n. and v.* (בעטה) א באד; א וואנע; באדען אין א וואנע; אן אלט אידישע פליסיגקייטס מאס [בת].

Bath brick (בעטה בריק) ציגעל־שטיין [צום פוצען מעטאלענע כלים].

Bath chair (בעטה טשעהר) א קראנקען־שטוהל.

bathe *v.* (בייטה) בארען; בענעצען; נעהמען א וואנע.

bathe'able *a.* (בייטה'-עבל) גרייט צום באדען; וואס מען קען באדען אדער נעצען.

ba'ther *n.* (ביי'-טהער) דער וועלכער באדעט זיך; א באדע־גאסט; איינער וואס באדעט [א צווייטען].

ba'thing accomoda'tions (ביי'-טהינג ע-קאמ-א-דיי'-שאנז) באדע־איינריכטונ־גען; באדע־בעקוועמליכקייטען.

ba'thing-box *n.* (ביי'-טהינג-באקס) א ביידעל צום אויסקליידען און אנקליידען זיך ביים באדען.

ba'thing-cap *n.* (ביי'-טהינג-קעפ) באדע־הויבע.

ba'thing-draw'ers *n.* (ביי'-טהינג-דראה'-ערז) באדע־הויזען.

ba'thing-machine' *n.* (ביי'-טהינג-מע-שין') באדע־וואגען [אזא גדעקטער וואגען מיט וועלכען מען פאהרט אריין אין וואסער זיך צו באדען].

ba'thing-man *n.* (ביי'-טהינג-מען) דער וועכטער אין א באדע־פלאץ.

ba'thing-place *n.* (ביי'-טהינג-פלייס) באדע־ארט.

ba'thing-room *n.* (ביי'-טהינג-רוהם) באדע־צימער.

ba'thing-sea'son *n.* (ביי'-טהינג-סיזן) באדע־סעזאן.

ba'thing-tub *n.* (ביי'-טהינג-טאב) א באדע־וואנע.

bath'-kee'per *n.* (בעטה'-קיע'-פער) בעדער.

bath'-kol *n.* (בעטה'-קאל) א בת־קול.

Bath met'al (בעטה מעט'-על) מעסינג, טאמבאק [אזא מעטאל, וואס איז צונויפ־געשמאלצען פון צינק און קופער].

bathom'eter *n.* (בע-טהאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די טיעפ־קייט פון וואסער.

bat'horse *n.* (בעט'-הארס) א פאק־פערד [א פערד וואס פיהרט די געפעק ביי מי־ליטער].

ba'thos *n.* (ביי'-טהאס) דאס אראבזינקען פון ערהאבענעם צום נידעריגען [אין ריי־דען אדער שרייבען]; א לעכערליכער איבערגאנג פון ערהאבענעם צום נידע־ריגען.

Bath pa'per (בעטה פיי'-פער) פאסט־פאפיער אין קווארטאל פארמאט.

Bath post (בעטה פאוסט) *Bath paper* .ז

Bath stone (בעטה סטאון) א געוויסער בוי־שטיין.

bath'-tub *n.* (בעטה'-טאב) א וואנע.

bathym'eter *n.* (בע-טהימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די טיעפע־ניש פון ימים.

ba'ting *n. and prep.* (ביי'-טינג) דאס פלאטערען מיט די פליגלען; דאס אוועק־פליהען; דאס איינוויקען פעל פארבעריי־טענדיג זיי צום גארבען; אבּרעכענענדיג; אראבנעהמענדיג; אויסשליסענדיג.

batiste' *n.* (בע-טיסט') באטיסט, בא־טיסטלייווענט.

bat'let *n.* (בעט'-לעט) פראלניק [א וואש־האלץ צום קלאפען די וועש ביים וואשען].

bat'man *n.* (בעט'-מען) א דיענער ביי מיליטער.

bat'on *n. and v.* (בעט'-אן) קאמאנדא־שטאק; פאליציי־שטאק; טאקט־שטאק [פון א כאר־דיריזשאר]; שלאגען מיט א שטאק.

Batra'chia *n.* (בע-טריי'-קי-ע) פראש־טיערע [א גרופע פראש־עהנליכע רעפטי־לען].

batra'chian *a. and n.* (בע-טריי'-קי-ען) וואס איז שייך צו די פראש־טיערע; א פראש־טיער.

bat'rachite *n.* (בעט'-רע-קאיט) אזא שטיין וואס האט דעם קאליר פון א פראש.

bat'rachoid *a.* (בעט'-רע-קאיד) וואס האט די פארם פון א פראש.

bats'man *n.* (בעטס'-מען) דער וואס האלט דעם קלאפ־שטאק אין בייס־באל שפיעל.

bat's'-wing *n.* (בעטס'-הווינג) פלע־דערמויז־פליגעל.

bat's'-wing bur'ner (בעטס'-הווינג בויר'-נער) פלעדערמויז־פליגעל ברענער [אזא ברענער אין גאז־בעלייכטונג וואס גיט א ברייטען פלאם, וועלכער האט די פארם פון א פלעדערמויז־פליגעל].

bat'ta *n.* (בעט'-ע) עקסטרא געהאלט פון די ענגלישע סאלדאטען אין אינדיען; געצאהלט פאר עדות, ארעסטירטע א. ז. וו. [אין אינדיען]; דיסקאונט [אין אינ־דיען].

battal'ion *n.* (בע-טעל'-יאן) א באטא־ליאן [אן אבטיילונג פון פוס־סאלדאטען, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון עטליכע קאמפאניעס].

battal'ioned *a.* (בע-טעל'-יאנד) איינ־געטיילט אין באטאליאנען.

bat'tel *n. and v.* (בעטל) די רעכנונג פון אקספארדער אוניווערזיטעט [ענג־לאנד] פאר די אויסהאלטונג פון א סטו־דענט מיט עסען, טרינקען און אלע אנדע־רע אויסגאבען; איינשרייבען זיך אין די ביכער פון אקספארדער אוניווערזיטעט אלס א סטודענט.

bat'ten *n. and v.* (בעטן) פעט ווערען; פעט מאכען; פרעסען, געניסען, לעבען אין וואוילטאג; מיסטינען [א פעלד]; פערשלאגען, פערמאכען מיט א שמאלען ברעטעל; א שמאל האלץ־ברעטעל, א לייסט.

bat'ten door (בעטן דאור) א טהיר געמאכט פון שמאלע לייסטלעך.

bat'ten down the hat'ches (בעטן דאון טהי העטש'-עז) בעדעקען די לוקען [די דורכגענגע אין א שיף פון איין דעק צום אנדערען] מיט זעגעלטוך און בע־פעסטיגען מיט האלץ־לייסטען.

bat'ten floor (בעטן פלאור) א דיל [פאדלאגע] געמאכט פון שמאלע לייסט־לעך.

bat'ter *n.* *and* *v.* (בעט'-ער) שלאגען; צושלאגען; שיסען אויף עפעס; א קלאפּ; קלאפען; א צייכען פון צובראכענעם דרוק־זאץ; אויפגעשלאגענע אייער מיט מעה־ל, שיידענע געווירצען; קליי [צום קלע־פען]; די משופע'קייט פון א וואנד [אז א וואנד זאל שטעהן זיכערער ווערט זי געבויט עטוואס משופע'דיג]; דער וואס קלאפּט אב דעם באל מיט'ן שטאק [ביים ביים־באל שפּיעל].

bat'ter at (בעט'-ער עט) אטאקירען עפעס; סטארען זיך צו שטירצען, אומ־ווארפען אדער פערניכטען עפעס.

bat'ter-cake *n.* (בעט'-ער־קייק) א קי־כעל פון קוקורוזע־מעהל געבאקען אויף מאסליאנקע אדער סמעטענע.

bat'tered *a.* (בעט'-ערד) צושלאגען, צו־קלאפּט, צושטערט, אבגעניצט.

bat'terer *n.* (בעט'-ער-ער) איינער וואס צושלאגט אדער צוקלאפּט.

bat'tering *a.* (בעט'-ער-אינג) זייענ־דיג משופע.

bat'tering-charge *n.* (בעט'-ער-אינג-משארדזש) די גרעסטע צאהל פולווער, מיט וועלכע מען קען אנלאדען א שווע־רען הארמאט.

bat'tering-ram *n.* (בעט'-ער-אינג־רעם) שטורמבאק, מויערען־ברעכער [א פארצייטיגע מאשינע צו צוברעכען א פעס־טונגס־וואנד].



• Battering-ram

bat'tering-train *n.* (בעט'-ער-אינג־טריין) א צוג [באהן] מיט קאנאנען [פאר מיליטערישע צוועקען].

bat'tery *n.* (בעט'-ער-אי) דאס שלאגען; שלעגעריי; באטעריי; [א געוויסע צאהל הארמאטען פאר בעלאגערונגס־צוועקען]; פעסטונגס־וואנד; אן עלעקטרישע באטעריי, א צונויפשטעלונג פון מעהרערע עלעקטרי־שע עלעמענטען צו בעקומען א גרעסערע עלעקטרישע קראפט; אין ביים־באל־שפּיעל — דער ווארפער און דער כאפער צוזאמען.

bat'ting *n.* (בעט'-אינג) דאס קלאפּען, וועש מיט א פּראלניק; דאס אויסקלאפּען בוימוואל מיט א ראהרשטעקען עס צו ריי־ניגען; וואלענע אדער בוימוואלענע דע־קעס; דאס אבקלאפּען דעם באל מיט'ן שטאק [אין ביים־באל שפּיעל].

bat'tle *n.* *and* *v.* (בעטל) שלאכט, מלחמה; מלחמה האלטען; שטרייטען, הא־בען א ויכוח.

bat'tle-ax *n.* (בעטל'-עקס) א האק אלס כלי־זיין אין מלחמה.

bat'tled *a.* (בעטלד) אויסגעשטעלט אין שלאכט־ארדנונג; בעזארגט מיט שיס־לעכער [ביי א פעסטונג]; פערשטארקט מיט א פעסטונגס־וואנד; וואס מען קעמפפט צוליעב דעם.

bat'tledore *n.* (בעטל'-דאור) דאס שלאגהעלץ [ביי טענים שפּיעל]; א לאפּע־טע מיט וועלכער מען זעצט ברויט אין אויוועז; א פּראלניק אדער א רולהאלץ פאר וועש; אזא אייזערנע לאפּעטקע מיט א האלץ־הענטעל בענוצט פון גלאז־ארביי־טער.

bat'tledoor *n.* (בעטל'-דאור) ז. *battledore*

bat'tle-field *n.* (בעטל'-פיעלד) דאס שלאכט־פעלד.

bat'tle-flag *n.* (בעטל'-פלעג) א מילי־טערישער פלאג; א פאהן וואס ווערט גע־טראגען אין מלחמה.

bat'tle-ground *n.* (בעטל'-גראונד) ז. *battle-field*

bat'tlement *n.* (בעטל'-מענט) שיסלע־כער [אין א פעסטונג]; א פעסטונגס־וואנד צום שוץ.



Battlement

bat'tlemented *a.* (בעטל'-מענ-טעד) בעזארגט מיט שוץ־ווענד אדער פעסטונגס־ווענד.

bat'tle-piece *n.* (בעטל'-פּיעס) א גע־מאהלטעס בילד פון א מלחמה.

bat'tle roy'al (בעטל ראי'-על) די הויפּטשלאכט.

bat'tle-ship *n.* (בעטל'-שיפּ) א קריעגס־שיף.

battol'ogy *n.* (בע-טאל'-א-דזשי) פּלוי־דעריי; אונגויטיגע ווידערהאלונג פון ווערטער.

battoule'-board *n.* (בע-טוהל'-באורד) א פּאדריכטונג מיט פּרושינעס צום שפּרינ־גען [איבערהויפּט אין א צירקוס].

battue' *n.* (בע-טוי') [אזא טרייב־יאגד יאגד, ווען די חיה ווערט ארויסגעטריבען פון איהר בעהעלטענים און ווערט געיאגט צום יעגער]; איינער וואס טויטעט חיות צוליעב פערגניגען.

batture' *n.* (בע-טיור') אנגעטראגענע ערד אין א טייך [הויפּטזעכליך טיילען פון דעם דעק פון טייך מיסיסיפּי, וועלכע זיינען ניט בעדעקט מיט וואסער אין גע־וויסע צייטען פון יאהר].

battu'ta *n.* (בע-טו'-טא) מוזיקאלישער טאקט־שלאג; טאקט־בעוועגונג; א באלקא־נישער בויערען־טאנץ.

bat'ty *n.* *and* *a.* (בעט'-אי) רייז וואס האלט אין וואקסען; א מאס פאר רייז אין אינדיען [120 פונט]; עהנליך צו א פלעדערמויז.

batz *n.* (בעטס) אזא שווייצערישע און דייטשע קליינע מטבע [פון אונגעפעהר 3 סענט].

bat'zen *n.* (בעט'-סען) ז. *batz*

bau'ble *n.* (באהבל) א ווערטהלאזע זאך; א שפּיעלכעל; א קינדער־שפּיעל; א ווערט־לאזער שפּיעל; א סצעפּטער [קעניגלי־כער שטעקען] פון דעם קעניגליכען הויף־נאר [אין מיטעלאלטער].

baulk *n.* (באהק) א שטיק ניט בעאר־ביים פעלד [צווישען בעארבייטע פעל־דער].

baux'ite *n.* (באו'-זיט) א מין ווייסע ליים, וואס ענטהאלט אין זיך א גרויסען פּראצענט אלומיניום.

bav'in *n.* (בעוו'-אין) שפּענדלעך צום מא־כען פייער.

bawble *n.* (באהבל) קינדער־שפּיעל־כעל.

bawd *n.* *and* *v.* (באהד) א פּערזאן וואס האלט אן אונאנשטענדיג הויז; א האז; צוזאמענפיהרען מענער און פרויען פאר אונמאראלישע צוועקען.

baw'dily *adv.* (באה'-די-לי) אויס־געלאסען, צולאזען; פּערהולטעוועט.

baw'diness *n.* (באה'-די-נעס) אויסגע־געלאסענהייט, זנות.

baw'dric *n.* (באה'-דריק) ז. *baldric*

bawd'ry *n.* (באהד'-רי) דאס האלטען אן אונאנשטענדיג הויז; דאס צונויפ־פיהרען מענער און פרויען פאר אונמא־ראלישע צוועקען; זנות; נבול־פּה.

baw'dy *a.* (באה'-די) אויסגעלאסען; טרייבענדיג זנות.

baw'dy-house *n.* (באה'-די־האוס) באר־דעל [שאנד־הויז].

bawl *n.* *and* *v.* (באהל) אויסרופען, הויך אויסשרייען; א געשריי מהאן פון וועהטאג, פון געפאהר אדער פרייד; א קוויטש אויף'ן אויבער קול.

baw'ler *n.* (באה'-לער) א שרייער, א קוויטשער.

baw'ling *n.* *and* *a.* (באה'-לינג) קווי־טשענדיג, שרייענדיג; קוויטשעריי.

bay *n.*, *a.* *and* *v.* (ביי) א בוכטע [אן אויסגוס פון א ים]; דער פּלאץ אין א שייער, וואו מען האלט היי און אנדערע פּוטער; נישען [דער צווישענרוים פון די זיילען פון א געביידע אדער בריק]; די לאגע פון א חיה, וואס ווערט געיאגט פון הינד [ווען זי מוז זיך שטעלען אנטקע־גען]; א שוץ־וואנד געגען אן איבערשווע־מונג; לארבער־בוים; לארבער־קראנץ; קאשטאניען־ברוין; ברוין [מייסט גע־ברויכט ביי פערד]; בילען, וואיען.

bayadeer' *n.* (בע-יא-דיער') ז. *bayadere*

bayadere' *n.* (בע-יא-דיער') אן אסט־אינדישע טענצערין.

bay'berry *n.* (ביי'-בער-אי) דער לאר־בער־בוים; מירטען־בוים; מירטען־אויל.

bayed *a.* (בייד) וואס איז געבויט מיט נישען. ז. *bay*

bay'-horse *n.* (ביי'-הארס) קאשטאניען־ברוינער פערד.

bay'onet *n.* *and* *v.* (ביי'-א-נעט) באיא־נעט [דער שפּיז וואס ווערט צוגעזעצט צו א ביקס]; פערטרייבען אדער דורכ־שטעכען מיט א באיאנעט.

bay'ou *n.* (באי'-או) קאנאל, אן אבפלוס פון א טייך אדער ים; א פריהעריגער טייל פון א טייך־דעק וואס איז פערוואנדעלט אין אן אזיערא אדער בלאטע.

bay'rum *n.* (ביי'-ראם) א מין פּארפיום.

bays *n.* (בייז) נישען; לארבער־קראנץ; [ביי געוויסע געביידען]. ז. *bay*

bay'-salt *n.* (ביי'-סאהלט) ים־זאלץ; גראב געמאלענע זאלץ.

bay'-tree *n.* (ביי׳-טריע) דער לארבער-בוים.

bay'-win'dow *n.* (ביי׳-הווינ׳-דאו) אן אויסגעבויגען פענסטער וואס בילדעט א נישע אדער פערטיעפונג; א בויגען-פענסטער.

bay'-wood *n.* (ביי׳-הוואוד) א פראכטער זארט מאהאגאני-האלץ.

bay'-yarn *n.* (ביי׳-יארן) וואלענער פאדים.

bazaar' *n.* (בע-זאר׳) באזאר, מארק [בעדעקט מיט א געוועלבטען דאך]; אן אויסשטעלונג פון ארטיקלען צו פערקויפען פאר צדקה-צוועקען.

bazar' *n.* (בע-זאר׳) ז. *bazaar*

bbl. אבקירצונג פון ווארט *barrel*

bbls. אבקירצונג פון ווארט *barrels*

B. C. אבקירצונג פון די ווערטער *before Christ* [פאר קריסטוס'עס געבורט]. ווערט געברויכט צו בעשטימען א פאסירונג, וועלכע איז פארגעקומען פאר דער היינטיגער צייט-רעכנונג, ווי למשל, דער גריכישער פילאזאף סאקראטעס איז געשטארבען 399 יאהר פאר קריסטוס'עס געבורט.

B. C. E. אבקירצונג פון די ווערטער *before common era* [פאר דער אנגענומענער אדער קריסטליכער צייט-רעכנונג, פאר קריסטוס'עס געבורט] אדער פון *Bachelor of Civil Engineering* [א געלעהרטען-טיטול פאר אן אינזשעניר].

bdel'lium *n.* (דעל׳-אי-אם) אזא זארט שמעקעדיגע גומי; בורשטין [בדולח].

be *v.* (בי) זיין; ווערען; עקזיסטירען; זיך בעפינדען.

be about' (בי ע-באוט׳) 1. זיין אויף'ן פלאץ; 2. האבען בדעה.

1. I shall **be about** in the forenoon. 2. They are **about** to sail for Europe.

be abroad' (בי ע-בראהד׳) זיין בעקאנט, פערברייטעט; זיין אויס דעם הויז, אויס דעם לאנד, אין דער פרעמד.

beach *n. and v.* (ביעטש) 1. זאמדיגער ברעג פון ים; פלאכער ברעג; 2. לאזען ארויפלויפען א שיף אויף'ן זאמד אדער ברעג.

1. There is good bathing on the **beach**. 2. The captain **beached** the boat to prevent a shipwreck.

beach'-co'mber *n.* (ביעטש׳-קאו׳-מער) א לאנגע ים-כוואליע וואס לויפט לייגנס דעם ברעג; א שכור'ער, פוילער מאטראז, אדער איינער וואס טרייבט זיך ארום אין די ים-האפענס.

beached *a.* (ביעטשט) וואס איז ביים זאמדיגען ים-ברעג, וואס בעשטעהט פון אזא ברעג; געבליבען שטעקען אויף'ן פלאכען ברעג [געשטראנדעט].

bea'con *n. and v.* (ביע׳-קאן) לייכט-טורם פאר שיפען; לארם-פייער, צייכען-פייער; לארם-פייער מאכען; בעלייכטען פון א לייכט-טורם; אויפשטעלען א לייכט-טורם.

bea'conage *n.* (ביע׳-קאנ-איידזש) דאס געלד וואס ווערט געצאהלט אויף אויפצוהאלטען לייכט-טורעמס.

be a cred'it (בי ע קרעד׳-איט) זיין א ציערונג, אן עהרע.

He is a **credit** to his family.

bead *n. and v.* (ביעד) קנעפעלע, קייקעלע, פאטשערקע; פערל; א בלעזעל [וואס בילדעט זיך ביים אויפשאקלען ספּירטוס]; אזא רונד געזעל אבצופּראבירען די שטארקייט פון ספּירטוס; א שמאל פערציערונגס-לייסטעל [אין דער ארכיטעקטור], א געזימס; אן אנגעפּרעסטער שנור-פערמיגער קאנט אין דעם איינבאנד פון א בוך; בעציערען מיט פּאטשערקעס.

be a dab (בי ע דעב) זיין א מאדים.

bead'ing *n.* (ביעד׳-אינג) א פערציערונגס-לייסטעל, א געזימס [אין ארכיטעקטור]; אן אבגעפּרעסטער שנורפערמיגער קאנט אין דעם איינבאנד פון א בוך; א מיטעל צו בילדען פערעלדיגע בלעזעלעך אין בראנפען ווען מען שאקעלט עס פונאנדער [די שטארקייט פון בראנפען בעשטימט מען אנדערש דורך די צאהל פון אזעלכע בלעזעלעך].

bea'dle *n.* (ביעדל) א דיענער; אן אויס-רופער אין א געריכטס-הויז; א פעדעל [א העכערער דיענער אין אן אוניווערזיטעט]; א קליינער קירכען-בעאמטער; א שמש.

bea'dlery *n.* (ביע׳דל-רי) דער אמט פון א געריכטס-דיענער אדער פון אן אוניווערזיטעטס-דיענער.

bead'man *n.* (ביעד׳-מען) א פראפעסיאנעלער גאט-בעטער; א גאט-בעטער פאר אנדערע [ווי ביי אידען א געדונגענער קדיש-זאגער]; איינער וואס געפינט זיך אין א צדקה-אנשטאלט אדער ווערט געשטיצט פון אזא אנשטאלט.

bead'-proof *n. and a.* (ביעד׳-פּרוהף) דאס פּראבירען פון ספּירטוס דורך די צאהל בלעזעלעך וואס ווערט ביים שאקלען; וואס האלט אויס די פּראבע [דורך די צאהל בלעזעלעך פון שאקלען].

bead'-roll *n.* (ביעד׳-ראול) א ליסטע פון די פערזאנען, פאר וועלכע מען דארף מתפלל זיין, ביי די קאטאליקען; א צעטעל פאר הזכרת נשמות.

beads *n.* (ביעדז) ראזענקראנץ [פּאטשערעס]; די פערל-בלעזעלעך וואס בילדען זיך אין ספּירטוס דורך שאקלען; שמאלע געזימסען [אין ארכיטעקטור]; פערל.

beads'man *n.* (ביעדז׳-מען) ז. *beadman*

bead'-tree *n.* (ביעד׳-טריע) פּאטער-נאסטער-בוים [אזא בוים אויף וועלכען עס וואקסען קליינע הארטע ניסלעך, וועלכע ווערען בענוצט פון די קאטאליקען פאר פּאטשערעס [פּאטערנאסטער].

bea'dy *a.* (ביע׳-די) פּערל-עהנליך; בעדעקט מיט פּערל; וואס האט א שיין [ווי אויפגעטרייסעלטע ספּירטוס].

be a foil to (בי ע פאיל טו) דיענען אלס א ציערונג צו...

be af'ter (בי עפ׳-טער) עפּעס אדער אימיצען זוכען אדער פערפאלגען.

It is the duty of a policeman to **be after** lawbreakers.

bea'gle *n.* (ביגל) א שפּיר-הונד; א קליינער יאגד-הונד; א שפּיאן; א נאכשפּירער.



Beagle

be agree'able (בי ע-גריע׳-עבל) מיט עטוואס איינשטימען אדער צופריעדען זיין; איינשטימען מיט א פארשלאג.

be aground' (בי ע-גראונד׳) זיין אין פערלעגענהייט.

beak *n. and v.* (ביעק) שנאבעל; שפּיץ; שנויץ; א שנאבעלפערמיגער שפּיץ; א פּאליציסט; א ריכטער; נעהמען אדער פּיקען מיט'ן שנאבעל.

beaked *a.* (ביעקט) צוגעשפּיצט, ווי א שנאבעל; שנאבעלפערמיג.

bea'ker *n.* (ביע׳-קער) א בעכער.

be'-all *n.* (בי׳-אהל) אלעס וואס עס זיין; אלעס.

beam *n. and v.* (ביעם) א באלקען, א קראקווע; די ברייט פון א שיף [אין דעם ברייטעסטען פלאץ]; די באלאנס-שטאנג פון א וואגשאל; די הויפּט-צווייג פון א הירש'ס הארן; ליכט-שטראהל; שטראהלען; אויסשטראהלען.

This building has iron **beams**.

beam'-bird *n.* (ביעם׳-בוירד) דער פליי-געז-כאפּער [אזא מין פויגעל].

beamed *a.* (ביעמד) וואס האט באלקענס; וואס האט הערנער אדער פול ענטוויקעלטע הערנער.

beam'ful *a.* (ביעם׳-פול) העל, שטראהלענד.

bea'mily *a.* (ביע׳-מי-לי) מיט העלקייט, שטראהלענד.

bea'ming *a.* (ביע׳-מינג) וואס שטראהלט; פרעהליך, לוסטיג.

beam'less *a.* (ביעם׳-לעס) אהן שטראהלען, נים בעלייכטעט, מאט.

beam'-tree *n.* (ביעם׳-טריע) דער מעהל-פרוכט-בוים [עהנליך צו א בארנבוים].

bea'my *a.* (ביע׳-מי) שטראהלענד; לוסטיג, פרעהליך; עהנליך צו א באלקען; מיט הערנער.

bean *n.* (ביען) א באב, א בעבעל, א פאסאליע.

bean'-fed *a.* (ביען׳-פעד) נעקארמעט מיט באב.

bean'-har'vester *n.* (ביען׳-האר׳-וועס-טער) א מאשין וואס גרייט צו באב-פלאנצען צום דרעשען.

bean'-stalk *n.* (ביען׳-סטאהק) דער שטענגעל פון באב-פלאנצען; א באב-פלאנצע.

Bear *n.* (בעהר) רוסלאנד; איינע פון צוויי געוויסע שטערען-גרופּען.

bear *n. and v.* (בעהר) א בער; א מין נערשטען; מאכען פאלען דעם ווערטה פון אקציעס אויף דער בערזע; טראגען, פיהרען, בעזיצען, ארויסברייינגען [פּרוכט]; דולדען; ליידען; געבעהרען; זיך פערהאלטען; אויפפיהרען; געהן טיעף אין וואסער [ביי שיפען].

bear'able *a.* (בעהר׳-עבל) טראגבאר; ערטרעגליך; וואס איז צו דערליידען.

Poverty is more **bearable** than injustice.

bear'ably *adv.* (בעהר׳-עב-לי) אויף אן ערטרעגליכען אופן; צו דערליידען.

bear age (בעהר איידזש) אויסזעהן איינגער ווי די יאהרען.

Although sixty years old, he **bears his age** well.

bear a hand (בעהר ע הענד) איילען, מאכען שנעל; צולעגען א האנד.

bear and forbear' (בעהר ענד פאר-בעהר׳) ליידען און פערגעבען.

bear an ill'-will (בעהר ען איל׳-הוויל) זיין אונפריינדליך צו אימעצען, טראגען האס צו אימעצען.

bear a propor'tion to (בעהר ע פּרא-פּאור׳-שאן טו) שטעהן אין פערהעלטניס צו...

bear arms (בעהר ארמז) דיענען אין סאלדאטען.

bear a spite (בעהר ע ספּאיט) טראגען א שנאה [אויף אימעצען].

bear away′ (בעהר ע-הוויי′) בייקומען; גובר זיין; געווינען; אבקעהרען די שיף ניט אין דער זייט וואו דער ווינד בלאזט; אוועקטראגען.

bear away′ the bell (בעהר ע-הוויי′ טהי בעל) געווינען דעם פריז אין א וועטלויף.

bear away′ the palm (בעהר ע-הוויי′ טהי פאהם) ארויסקומען דער זיענער.

bear back (בעהר בעק) אבטרעטען; צוריקטרייבען [ווי דער ווינד א שיף].

bear′-bai′ting *n.* (בעהר′-ביי′-טינג) א קאמפף צווישען הינט און געפאנגענע בערען [אלס ספארט].

bear com′pany (בעהר קאמ′-פען-אי) בעגלייטען, מיטגעהן, געזעלשאפט לייסטען.

beard *n. and v.* (ביערד) א בארד; זיך ציהען, זיך צופען די בארד [פון ערגערניש]; ארויסטרעטען געגען אימיצען אין זיין נעגענווארט; זיך לאזען וואקסען אדער אנטהאן א בארד; א האקען.

bear date (בעהר דייט) האבען אויף זיך די דאטע [די בעצייכנונג פון צייט], ווען דאס איז געשריבען געווארען אדער ווען דאס איז פארגעקומען.
The letter bears the date of his arrival.

bear′ded *a.* (ביער′-דעד) בארדיג, מיט א בארד.

beard′less *a.* (ביערד′-לעס) אהן א בארד.

beard′lessness *n.* (ביערד′-לעס-נעס) דאס ניט האבען קיין בארד.

bear down (בעהר דאון) ארונטערשטופען, נידערשטירצען; בייקומען, בעזיעגען.

bear down upon′ (בעהר דאון א-פאן′) דערנעהנטערען זיך צו דער ווינד־זייט, געהן געגען ווינד [ביי א שיף].

bear′er *n.* (בעהר′-ער) טרעגער, איבערבריינגער [פון א בריעף]; אן אינהאבער פון א וועקסעל.

bear′er of bur′dens (בעהר′-ער אוו בויר′-דענס) לאסט־טרעגער.

bear′er of despatch′es (בעהר′-ער אוו דעס-פעטש′-עז) א קוריער, איינער וואס טראגט אב און גיט איבער אפיציעלע דעפעשען.

bear fair in hand (בעהר פעהר אין הענד) קארמענען מיט שעהנע הבטחות.

bear′-gar′den *n.* (בעהר′-גאר′דן) א בערען־הויז [א פלאץ וואו מען האלט בערען אויף צו ווייזען]; א טומעלדיגער פלאץ.

bear′herd *n.* (בעהר′-הוירד) א בערען־טרייבער.

bear in (בעהר אין) איינגראבען זיך, פערטיעפען זיך אין גרוב [ביי קויהלען גראבען].

bear′ing *n. and a.* (בעהר′-אינג) דאס טראגען, דאס אריבערטראגען; דאס געבעהרען; די ספעציעלע בעדייטונג פון א ווארט; די האלטונג, אויפפיהרונג; די פערהעלטניסע פון די טיילען אין א גאנצעם; די לענג פון דעם בעפעסטיגטען ענד פון א באלקען ביז צו זיין צווייטען ענד; די ברייטקייט פון א שיף [געמאסטען אין דעם ברייטעסטען פלאץ]; א לאגער [א מאשינען־טייל וואו עס ווערט אריינגעשטעלט א וואל אדער אקס]; שטיצענד, אונטערהאלטענד.

bear′ing-rein *n.* (בעהר′-אינג-ריין) א לייצע פון א צוים.

bear in mind (בעהר אין מאינד) האבען אין זינען; האלטען אין זכרון; געדענקען.
We must **bear in mind** to keep the promises we make.

bear′ish *a.* (בעהר′-איש) פלומפ, אונגעלומפערט ווי א בער; ארונטערדריקענד די פרייזען פון אקציעס אויף דער בערזע.

bear′ishly *adv.* (בעהר′-איש-לי) אונגעלומפערט ווי א בער.

bear′ishness *n.* (בעהר′-איש-נעס) אונגעלומפערטקייט.

bear′like *a.* (בעהר′-לאיק) ווי א בער.

bear loss (בעהר לאס) טראגען דעם פערלוסט, ליידען דעם שאדען.

bearn *n.* (בעהרן) ז. *barn*.

bear off (בעהר אף) דערווייטערען זיך פון ברעג אדער פון אן אנדער זאך; אבטראגען זיך פון א זאך, כדי ניט אנצושטויסען זיך אויף איהר [ביי שיפען אויף′ן ים]; אוועקפיהרען, געווינען, צונעהמען [ווי א פריז, למשל].

bear on (בעהר אן) אונטערשטיצען; דערפיהרען ביז צו א גליקליכען ענד.

bear one a grudge (בעהר הוואן ע גראדזש) טראגען א שנאה אויף איינעם.

bear out (בעהר אוט) אויפהאלטען; אונטערשטיצען; בעגרינדען; רעכטפערטיגען.
He who was with me will **bear me out** that I tried to see you at your office.

bear resem′blance (בעהר רי-זעמ′-בלענס) זיין עהנליך צו...
She **bears** a striking **resemblance** to her father.

bear′s′-breech *n.* (בעהרז′-בריעטש) די בערען־לאפע [אזא פלאנצע].

bear′s′-ear *n.* (בעהרז′-איהר) דאס בער־אויערעל [אזא גארטען־פלאנצע, וועלכע קומט פון די שווייצער אלפען וואס איהרע בלעטער זיינען עהנליך צו דעם אויער פון א בער].


Bear's-ear

bear′s′-foot *n.* (בעהרז′-פוט) בערען־פוס [אזא פלאנצע מיט א שלעכטען ריח].

bear′s′-grease *n.* (בעהרז′-גריעס) בערען־פעט [אלס פאמאדע].

bear′skin *n.* (בעהר′-סקין) בערען־פעל; אזא דיקער מאנטעל־צייג.

bear tes′timony (בעהר טעס′-טי-מא-ני) עדות זאגען, דיענען אלס בעווייז.

bear the bag (בעהר טהי בעג) האלטען דעם טייסטער; זיין דער בעל־הבית איבער דעם געלד.

bear the bell (בעהר טהי בעל) זיין דער רעדעלפיהרער.

bear the blame (בעהר טהי בליים) נעהמען אויף זיך די שולד.

bear the mar′ket (בעהר טהי מאר′-קעט) פערשפרייטען פאלשע נאכריכטען אויף דער בערזע אום ארונטערצורייסען דעם פרייז.

bear through (בעהר טהרוה) דורכפיהרען.

bear up (בעהר אפ) אויפהאלטען; ניט לאזען פאלען אדער זינקען; זיין פעסט; קירעווען די שיף אין דער ריכטונג וואו דער ווינד בלאזט.

bear up with (בעהר אפ הוויטה) מוטהיג ביישטעהן [א נסיון]; האלטען זיך פעסט, מיט קוראזש; ליידען מיט געדולד.
It is manly to **bear up with** misfortunes.

bear′ward *n.* (בעהר′-הוואהרד) א בערען־האלטער.

bear with (בעהר הוויטה) אויסהאלטען, אריבערטראגען, זיין מילד צו איינעם, מיטפיהלען; אריבערלאזען [ניט געגענשטעלען זיך אדער ניט בעשטראפען פאר עפעס]; מיטליידען; מיטטראגען.

bear witness (בעהר הוויט′-נעס) זאגען עדות.
I can **bear witness** to the truth of this statement.

beast *n.* (ביעסט) בעסטיע, פיה; בהמה; פיער־פיסיגע חיה; א ברוטאלער מענש.

beast′hood *n.* (ביעסט′-הוד) טהיערישקייט, ברוטאליטעט.

beas′tily *adv.* (ביעס′-טי-לי) טהיעריש, ווי א בעסטיע; ברוטאל.

beas′tish *a.* (ביעס′-טיש) טהיעריש, ברוטאל, געמיין.

beast′liness *n.* (ביעסט′-לי-נעס) דאס זיין א בעסטיע, דאס אויפפיהרען זיך ווי א בעסטיע; ברוטאליטעט, געמיינהייט.

beast′ly *a.* (ביעסט′-לי) טהיעריש; ווי א בעסטיע; ברוטאל, געמיין.

beast of bur′den (ביעסט אוו בויר′-דען) א לאסט־טהיער.
He works as hard as a **beast of burden**.

beast of car′riage (ביעסט אוו קער′-עדזש) א לאסט־טהיער.

cantine' *n.* (קענ-טין') ז. ***canteen***

can'ting *a.* (קענ'-טינג) וואס רעדט מיט א וויינענדיגען, רחמנות'דיגען קול.

can'ting-coin *n.* (קענ'-טינג-קאין) א דריי-עקיגער קלעצעל אונטערצושטעלען אונטער א פעסעל, אז זי זאל זיך ניט אוועקקייקלען.

can'tle *n.* (קענטל) א ווינקעל, א טייל, אן אבגעבראכען שטיק; דאס אויסגעבויגענע שטיק אין דעם הינטערשטען טייל פון א זאטעל.

can'to *n.* (קענ'-טאו) א טייל פון א פאעמא; סאפראנא שטים; די העכסטע שטימע אין א קאנצערט.

can'to fer'mo (קענ'-טאו פויר'-מאו) א סקארבאווער נגון; די טראדיציאנעלע מוזיק פון דער קריסטליכער קירך.

can'ton *n. and v.* (קענ'-טאן) א קאנטאן, א בעצירק, א גובערניע; א טייל אדער א שטיקעל לאנד; א טייל, א שטיק; א ווינקעל; אן עק; איינטיילען אין קאנטאנען, גובערניעס אדער בעצירקען.

canton' *v.* (קענ-טאן') איינקווארטירען סאלדאטען אין בעזונדערע אבטיילונגען.

can'tonal *a.* (קענ'-טאנ-על) וואס געהערט צו א קאנטאן אדער בעצירק; וואס ענטהאלט קאנטאנען אדער בעצירקען.

can'toned *a.* (קענ'-טאנד) וואס אויף די ווינקלען אדער אויף די זייטען זיינען פאראן ארויסגעשטארצטע טיילען [וועגען געוויסע געביידען].

can'tonize *v.* (קענ'-טאנ-איז) איינטיילען א לאנד אין קאנטאנען אדער בעצירקען.

Ireland was cantonized among ten Englishmen.

can'tonment *n.* (קענ'-טאנ-מענט) א טייל פון א שטאדט וואו סאלדאטען זיינען איינקווארטירט; א לאגער פון סאלדאטען; א מיליטער קווארטיר [פאר אן ארמעע].

cantoon' *n.* (קענ-טוהן') א בארכענט אדער סאמעט ענליכער בוימוואל-שטאף.

can'tor *n.* (קענ'-טאר) א קאנטאר, א חזן; דער געזאנג-מייסטער אין א קירך.

can'toral *a.* (קענ'-טא-רעל) וואס איז שייך צו א חזן, א קאנטאר אדער געזאנג-מייסטער אין א קירך.

can'tred *n.* (קענ'-טרעד) א בעצירק [פון 100 דערפער] אין הוויילס [ענגלאנד].

can'ty *a.* (קענ'-טי) פרעהליך, לעבעדיג.

My friend is a canty fellow.

Canuck' *n. and a.* (קע-נאק') א קאנאדער, אן איינגעבארענער פון קאנאדע [אלס א זידעל-נאמען]; קאנאדיש.

can'vas *n., a. and v.* (קענ'-וועס) גראבע לייווענד, שיף-זעגעל; זעגעל-לייווענד;

קאנווע [אזא שטאף מיט קעלעך צום אויסנעהען פיגורען]; געמאכט פון זעגעל-לייוואנד; בעדעקען מיט זעגעל-לייוואנד.

can'vasback *n.* (קענ'-וועס-בעק) א מין ענטעל וואס געפינט זיך אין נארד-אמעריקא ביים ברעג פון אטלאנטישען ים. ז. איל. *"Game birds"*

can'vasback duck (קענ'-וועס-בעק דאק) ז. *canvasback*

can'vass *v. and n.* (קענ'-וועס) 1. פרוּ-פען, נאכזוכען, אויספארשען; אויספארשען דורך א דעבאטע; 2. דיסקוטירען, דעבאטירען; 3. נאכפארשען אימעצענס מיינונג; נאכפארשען מיינונגען דורך גהען אויספרעגען; ריידען צו אימעצען אום צו ווירקען אויף איהם ער זאל שטימען פאר א געוויסע פערזאן אדער געזעץ; ארומגעהן צווישען די איינוואהנער נאכפארשען זייערע מיינונגען און זוכען ווירקען אויף זיי, אז זיי זאלען שטימען פאר א געוויסע פערזאן אדער געזעץ; 4. ארומגעהן זוכען בעטען בעשטעלונגען, אבאנעמענטען א. ז. וו.; 5. דאס נאכפארשען אימעצענס מיינונג צו וויסען פאר וועלכען קאנדידאט ער וועט שטימען ביי די וואהלען; אז אבשאצונג פון שטימען וועלכע זיינען אבגעגעבען געווארען פאר א קאנדידאט אדער געזעץ; דאס געהן זוכען אדער בעטען שטימען ביי די וואהלען; 6. א דיסקוסיאן, א דעבאטע.

2. We are likely to canvass the sentiment. 3. My friend asks me to canvass the district for votes. 4. He earns his living canvassing subscriptions for a magazine. 5. No previous canvass was made for me.

can'vasser *n.* (קענ'-וועס-ער) איינער וואס געהט זוכען שטימען פאר א קאנדידאט ביי די וואהלען; איינער וואס געהט זוכען בעשטעלונגען; איינער וואס צעהלט נאך די שטימען, וועלכע זיינען אבגעגעבען געווארען ביי וואהלען.

can'vas-work *n.* (קענ'-וועס-הוואירק) אויסגענעהטע פיגורען אויף קאנווע.

ca'ny *a.* (קיי'-ני) געמאכט פון ראהר; מיט ראהר בעוואקסען.

can'yon *n.* (קענ'-יאן) א טיפער טהאל צווישען צוויי משופע'דיגע בערג.

The Rocky Mountains have many canyons.

canzo'ne *n.* (קענ-זאו'-ניי) א לירי-שעס ליעד אין איטאליענער סטיל.

canzonet' *n.* (קענ-זא-נעט') א קורצעס ליעד, א לייכטע אריע.

caou'tchouc *n.* (קוה'-טשוק) קויטשוק, גומעלאסטיק.

caou'tchouc tree (קוה'-טשוק טריע) א קויטשוק-בוים.

Caoutchouc Tree

cap *n. and .v* (קעפ) א היטעל; א מיצעל, א קעפקע, א יארמאלקע; א צו-דעק; א קאפ, א שפיץ; בעדעקען; אנטהאן א היטעל אדער יארמאלקע.

cap. אבקירצונג פון ווארט *capital*

capabil'ity *n.* (קיי-פע-ביל'-אי-טי) פעהיגקייט, מעגליכקייט; דאס זיין אימשטאנד.

ca'pable *a.* (קיי'-פעבל) פעהיג, גע-שיקט; אימשטאנד.

ca'pableness *n.* (קיי'-פעבל-נעס) גע-שיקליכקייט; פעהיגקייט; דאס זיין אימשטאנד.

ca'pably *adv.* (קיי'-פע-בלי) מיט פע-היגקייט, מיט געשיקטקייט.

capa'cious *a.* (קע-פיי'-שאס) גרויס, געראם.

The hippopotamus has a capacious mouth.

capa'ciously *adv.* (קע-פיי'-שאס-לי) אויף א געראמען אופן; אין א גרויסען גראד.

capa'ciousness *n.* (קע-פיי'-שאס-נעס) געראמקייט, גרויסקייט.

capac'itate *v.* (קע-פעס'-אי-טייט) פעהיג, טיכטיג, געשיקט מאכען.

capacita'tion *n.* (קע-פעס-אי-טיי'-שאן) דאס מאכען פעהיג.

capac'ity *n.* (קע-פעס'-אי-טי) 1. דער רוים, די געראמקייט, גרויס; דער קוביק-אינהאלט; 2. די פעהיגקייט עפעס צו בעגרייפען, גייסטעס פעהיגקייט; 3. בע-שעפטיגונג.

1. The capacity of the tank is 100 gallons. 2. His capacity for work is wonderful. 3. He acts in the capacity of bookkeeper.

capac'ity for heat (קע-פעס'-אי-טי פאר היעט) די היץ וואס איז נויטיג צו הויבען די טעמפעראטור פון א געגנ-שטאנד אויף איין גראד.

cap and bells (קעפ ענד בעלז) א מיצעל מיט גלעקלעך [א קלאון-מיצעל].

cap and crouch (קעפ ענד קראוטש) זיך נייגען און בויגען.

cap a pair of boots (קעפ ע פעהר אוו בוהטס) צומאכען קעפלעך [פארשוה] צו שטיוועל.

cap-a-pie *adv.* (קעפ-ע-פי') פון קאפ ביז די פיס.

Armed at all points, exactly, cap-a-pie.

capar'ison *n.* (קע-פער'-אי-סאן) א שעהנע געפוצטע דעקע פון א פערד; שעה-נע קליידער; אן אויסשטייער.

capar'isoned *a.* (קע-פער'-אי-סאנד) בעדעקט מיט א שעהנע גֶעפוצטע דעקע [וועגען א פערד]; בעדעקט, בעפוצט.

cap'-cloud *n.* (קעפ'-קלאוד) א ווייסער וואלקען וואס בעדעקט דעם שפיץ פון א בארג ווי א היטעל.

cape *n.* (קייפ) א שטיק לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין ים; א שפיץ; א פעלערינע; א מאנטעל-קאלנער.

cape'-chis'el *n.* (קייפ'-טשיז'-על) אזא שמאלער דלאט אויסצוהאקען ריצען אדער שפאלטען אין מעטאל.

caped *a.* (קייפט) מיט א קאלנער, מיט א פעלערינע.

cap'elan *n.* (קעפ'-ע-לען) דער צווערג-לאקס [א קליינער לאקס פיש אין די וואַ-סערען פון גרענלאנד].

cap'ellet *n.* (קעפ'-ע-לעט) אזא גע-שוואולסט אויף א פערדס פוס.

capell'meister *n.* (קע-פעל'-מאיס-טער) א קאפעלמייסטער, א דיריגענט פון אן ארקעסטער.

ca'per *n. and v.* (קיי'-פער) א שפרונג, א טאנץ; שפרינגען; די קנאספע פון דעם קאפער-שטרויך [אזא פלאנצע].

ca'per about' (קיי'-פער ע-באוט') ארומשפרינגען.

He capers about like a lamb.

ca'per-bush *n.* (קיי'-פער-בוש) דער קאפער-שטרויך [אזא פלאנצע וואס וואקסט אויף אלטע ווענד און פעלזען].

Caper-bush

ca'per-cut'ting *a.* (קיי'-פער-קאט-אינג) ארומשפרינגענדיג, ארומטאנצענדיג.

ca'perer *n.* (קיי'-פער-ער) א לופט-שפרינגער; א טענצער.

ca'per-tree *n.* (קיי'-פער-טריע) דער קאפער-בוים [א קליין בוימעל אין אוי-סטראליען אויף וועלכען עס וואקסען גרוי-סע פרוכט ווי אפעלסינען].

cap'ful *n.* (קעפ'-פול) א פולע היטעל, א ביסעל.

cap'ful of wind (קעפ'-פול אוו הווינד) א שוואכער ווינד.

ca'pias *n.* (קיי'-פי-עס) א שריפטליכער פערהאפטונגס-בעפעהל.

capiba'ra *n.* (קעפ-אי-ביי'-רא) דער ים-חזיר.



Capibara

capilla'ceous *a.* (קעפ-אי-ליי'-שיאס) עהנליך צו האר.

capil'lament *n.* (קע-פיל'-ע-מענט) א דינער פעדימעל, ווי א האר; א פאדים-דינער בלומען שטענגעל.

cap'illariness *n.* (קעפ'-אי-לוי-רי-נעס) קאפילאריטעט. ז. *capillarity*

capillar'ity *n.* (קעפ-אי-לער'-אי-טי) קאפילאריטעט [די פיזיקאלישע איינענ-שאפט פון פליסיגקייטען זיך ארויפצוציהען אין דער הויך אין דינע רעהרלעך, אדער די איינענשאפט פון פליסיגקייטען זיך צו פארמירען אין טראפענס, זיך אויסצו-שפרייטען אויף א פלעכע ווי אויל אויף וואסער אדער אין געוואנד א. ז. וו.]; דאס זיין ווי א האר, דאס האבען די עהנ-ליכקייט צו א האר.

cap'illary *a.* (קעפ'-אי-לע-רי) ווי א האר, דין ווי א האר; וואס איז שייך צו קאפילאריטעט. ז. *capillarity*

cap'illary attrac'tion (קעפ'-אי-לע-רי ע-טרעק'-שאן) די איינענשאפט פון פליסיגקייטען זיך ארויפצוציהען אין דער הויך אין א דין רעהרעלע.



Capillary Attraction

cap'illary tube (קעפ'-אי-לע-רי טיוב) א קאפילאר רעהרעל [אזא גאנץ דין רעהרעלע. ווען אזא רעהרעלע ווערט אריינגעשטעלט אין וואסער, ציהט זיך דאס וואסער אין איהם ארויף אין דער הויך; וואס דינער דאס רעהרעלע איז, אלץ העכער ציהט זיך אין איהם ארויף דאס וואסער].

cap'illary veins (קעפ'-אי-לע-רי וויינז) האר=דינע אדערלעך.

cap'illary ves'sels (קעפ'-אי-לע-רי וועס'-עלז) ז. *capillary veins*.

capil'lature *n.* (קע-פיל'-ע-טשור) א קודלע האר.

capil'liform *a.* (קע-פיל'-אי-פארם) הארפערמיג, האר=עהנליך.

cap'illose *a.* (קעפ'-אי-לאוס) האריג.

cap'ital *n. and a.* (קעפ'-אי-טעל) דער קאפ פון א זייל; קאפיטאל, געלד; דער קרן; הויפטשטאדט; אנפאנגס=בוכשטאב, גרויסער בוכשטאב; הויפט; אויסגעצייכענט.

cap'ital-cit'y (קעפ'-אי-טעל סיט'-אי) די הויפט=שטאדט.

Washington is the capital city of the United States.

cap'ital crime (קעפ'-אי-טעל קראים) א טוידט=פערברעכען.

capitalisa'tion *n.* (קעפ-אי-טעל-אי-זיי'-שאן) ז. *capitalization*.

cap'italism *n.* (קעפ'-אי-טעל-איזם) קאפיטאליזם, דאס קאנצענטרירטע קאפיטאל פון דער וועלט אלס מאכט; די געזעלשאפטליכע סיסטעמע, וועלכע בעגינסטיגט די אויפזאמלונג פון קאפיטאל אין איינצעלנע הענד.

cap'italist *n.* (קעפ'-אי-טעל-איסט) א קאפיטאליסט, א רייכער.

capitalis'tic *a.* (קעפ-אי-טעל-איס'-טיק) קאפיטאליסטיש.

capitaliza'tion *n.* (קעפ-אי-טעל-אי-זיי'-שאן) קאפיטאליזירונג, פערוואנדלונג אין קאפיטאל; דאס מאכען צו געלד; דאס פערוואנדלען אין אקציעס דעם ווערטה פון א געשעפט; דאס ניצען פון גרויסע בוכשטאבען אין אנפאנג פון ווערטער, אין שריפט אדער דרוק.

cap'italize *v.* (קעפ'-אי-טעל-איז) 1. קאפיטאליזירען, פערוואנדלען אין קאפיטאל; מאכען צו מזומן געלד [אבנעהמען א גרעסערע סומע געלד מיט איין מאל פאר אן איינקונפט וואס קומט אריין ביסלעכווייז]; 2. פערוואנדלען אין ווערטה=פאפירען אדער אקציעס דעם ווערטה פון א געשעפט; 3. אנפאנגען מיט א גרויסען בוכשטאב.

1. I want to capitalize my pension and rents. 2. The company is capitalized for $1,000,000.

cap'ital let'ters (קעפ'-אי-טעל לעט'-ערז) גרויסע בוכשטאבען, אנפאנגס=בוכשטאבען [מיט וועלכע מען פאנגט אן א זאץ, א נאמען א. ז. וו.].

cap'itally *adv.* (קעפ'-אי-טעל-אי) פערלירענדיג דעם קאפ, דורך טויט=שטראף; אויף אן אויסגעצייכענטען אופן.

cap'itally convic'ted (קעפ'-אי-טעל-אי קאנ-וויק'-טעד) בעשולדיגט אין א קרימינעלען פערברעכען, פאר וועלכען עס קומט טוידט=שטראף.

cap'italness *n.* (קעפ'-אי-טעל-נעס) דאס זיין גרויס; דאס זיין אויסגעצייכענט.

cap'ital offense' (קעפ'-אי-טעל א-פענס') ז. *capital crime*.

cap'ital pun'ishment (קעפ'-אי-טעל פאנ'-איש-מענט) טוידט=שטראף.

cap'ital stock (קעפ'-אי-טעל סטאק) דער קרן, גרונד=קאפיטאל.

cap'itate *a.* (קעפ'-אי-טייט) קאפפערמיג, עהנליך צו א קאפ [ביי פלאנצען].

capita'tion *n.* (קעפ-אי-טיי'-שאן) קאפ=שטייער; קאפ=צאהל [די צאהל פון מענשען אין א שטאדט אדער לאנד].

capita'tion tax (קעפ-אי-טיי'-שאן טעקס) קאפ=שטייער.

cap'ite *n.* (קעפ'-אי-טי) דאס פריצישע רעכט אין מיטעל=אלטער=צייט אויף לאנד=איינענטום, וועלכע זיי פלעגט געגעבען ווערען דירעקט פון קעניג.

Cap'itol *n.* (קעפ'-אי-טאל) קאפיטאל, דער טעמפעל פון דעם רוימישען גאט יופיטער אין רוים; די קאנגרעס=געביידע [פארלאמענט] אין וואשינגטאן; די לעגיסלאטור=געביידע [לאנדס=פארלאמענט] אין די איינצעלנע שטאאטען פון אמעריקא.

Cap'itoline *a.* (קעפ'-אי-טא-לאין) וואס איז שייך צום קאפיטאל אין רוים [דער טעמפעל פון גאט יופיטער].

capit'ulant *n.* (קע-פיט'-יו-לענט) איינער וואס קאפיטולירט, גיט זיך אונטער דעם פיינד.

capitulan'te *n.* (קא-פי-טו-לאנ'-טע) א פאדריאדטשיק.

capit'ular *n. and a.* (קע-פיט'-יו-לאר) געזעץ=בוך פון א קירכען=מיניסטעריום; א מיטגליעד פון א קירכען=ראטה; וואס בעלאנגט צו א קאפיטעל [פון א בוך]; וואס בעלאנגט צו א קירכען=ראטה; וואס וואקסט אין קעפלעך.

capit'ulary *a. and n.* (קע-פיט'-יו-לע-רי) ז. *capitular*.

capit'ulate *v.* (קע-פיט'-יו-לייט) 1. פערפאסען א שריפט אין קאפיטלען; שליסען אן אבמאך; 2. קאפיטולירען, זיך אונטערגעבען דעם פיינד.

2. The army was willing to capitulate.

capitula'tion *n.* (קע-פיט-יו-ליי'-שאן) די קאפיטולאציאן, דאס אונטערגעבען זיך דעם פיינד; דער אבמאך וואס א קייזער אין דער אמאליגער רוים פלעגט שליסען פאר דער קרוינונג מיט די בירגער, וועגען געוויסע קאנצעסיאנען; דער אבמאך וואס די טערקישע סולטאנען פלעגען שליסען מיט אויסלענדישע מעכטע וועגען קאנצעסיאנען.

capit'ulator *n.* (קע-פיט'-יו-ליי-טאר) איינער וואס קאפיטולירט, וואס גיט זיך אונטער דעם פיינד.

capit'ulatory *a.* (קע-פיט'-יו-ליי-טא-רי) קורץ געפאסט, אננעשריבען אין קאפיטלען; וואס איז שייך צו קאפיטולאציאן [אונטערגעבען זיך דעם פיינד].

capit'ulum *n.* (קע-פיט'-יו-לאם) דער קאפ פון א ביין; בלומען=קאפ.

capi'vi *n.* (קע-פי'-ווי) קאפאיווי=באלזאם.

cap'lin *n.* (קעפ'-לין) א מין קליינער שטאק=פיש: א לעדערנער רימענדעל פון א דרעש=שלעגעל.

cap'nomancy *n.* (קעפ'-נא-מענ סי) נביאות=זאגעריי פון דעם אויפשטייגען אדער בעוועגונג פון רויך.

cap of all the fools (קעפ אוו אהל טהי פוהלז) דער גרעסטער נאר אויף דער וועלט.

ca'pon *n. and v.* (קיי'-פאן) א קאפ=האהן [א האהן וועלכען מען האט מסרס געוועזן]; מאכען פאר א קאפ=האהן.

caponiere' *n.* (קעפ-א-ניער') א לויף=גראבען [א בעשיצטער גראבען אין א פעסטונג וועלכער פיהרט פון איין ארט צו א צווייטען].

ca'ponize *v.* (קיי'-פאן-איז) מסרס זיין א האהן, מאכען פאר א קאפ=האהן.

caponniere' *n.* (קעפ-א-ניער') ז. *caponiere*.

capot' *n. and v.* (קע-פאט') דאס געווינען אלע פונקטען [40] אין פיקעט=שפיעל; געווינען אלע פונקטען אין פיקעט=שפיעל.

capote' *n.* (קע-פאוט') א קאפאטע, א לאנגער מאנטעל מיט א קאפישאן.

cap'padine *n.* (קעפ'-ע-דין) א שלעכטער זארט זייד [ווערט געמאכט פון די לעצטע זייד=פעדים, וועלכע ווערען אראבגענומען פון די זייד=ווערים].

cap'per *n.* (קעפ'-ער) א געצייג אנצוברייגנען די צינד=היטעלעך צו באמבעס; א שפין; א היטעל=מאכער; אן אנגעשטעלטער באטער ביי אויקציאנען [ליציטאציעס, טארגעס].

cap'-piece *n.* (קעפ'-פיעס) טראג=באלקען, אויבער=שוועל, אויבערשטע ביישטידעל [משקוף] ביי טהירען און פענסטער.

cap'reolate *a.* (קעפ'-רי-א-לייט) וואס האט אדער איז עהנליך צו פעדים.

capre'olus *n.* (קע-פרי'-א-לאס) דער פאדים=עהנליכער טייל פון א פלאנצע, וואס דרעהט זיך ארום עפעס אום זיך אנצוהאלטען; אזא ווילדע ציג.

capric'cio *n.* (קע-פריטש'-יא) א מוזיקאלישע אדער מאהלערישע שטיק אין א פרייע, אונרעגולערע און אפט ווילדע און קאפריזנע פארם; קאפריז.

capriccio'so *adv.* (קע-פרי-טשיאו'-סא) פאנטאסטיש [וועגען מוזיק].

caprice' *n.* (קע-פריס') קאפריז.

capri'cious *a.* (קע-פריש'-אס) קאפריזנע.

capri'ciously *adv.* (קע-פריש'-אס-לי) אויף א קאפריזנעם אופן.

capri'ciousness *n.* (קע-פריש'-אס-נעס) קאפריזנעקייט.

Cap'ricorn *n.* (קעפ'-רי-קארן) מזל גדי [אין דער אסטראנאמיע].

cap'ricorn *n.* (קעפ'-רי-קארן) א שטיינבאק.

cap'ricorn beetle (קעפ'-רי-קארן ביעטל) דער באק=קעפער [אזא זשוק].

cap'rid *a.* (קעפ'-ריד) וואס געהערט צו דעם ציגען=מין; וואס איז שייך צו א ציג.

caprifo'lium *n.* (קעפ-רי-פאו'-לי-אם) דאס ציגען=בלאט [אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער האבען די עהנליכקייט צו א ציגען=קאפ].

cap'riform *a.* (קעפ'-רי-פארם) וואס זעהט אויס ווי א ציעג, וואס איז עהנליך צו געוויסע קערפער=טיילען פון א ציעג.

cap'rin *n.* (קעפ'-רין) דער שטאף וואס געפינט זיך אין פוטער, וועלכער גיט דעם געשמאק און דעם ריח, וואס פוטער האט.

cap'rine *a. and n.* (קעפ'-רין) עהנליך צו א ציעג; דער שטאף וואס געפינט זיך אין פוטער, וועלכער גיט דעם געשמאק און דעם ריח וואס פוטער האט.

cap′riole *n. and v.* (קעפ′-רי-אול) א שפרונג; אזא אויסגעלערענטער שפרונג פון א פערד מיט די הינטערשטע פיס; שפרינגען, מאכען א שפרונג.

cap′riped *a.* (קעפ′-רי-פעד) וואס האט פיס ווי פון א ציג

cap′-sheaf *n.* (קעפ′-שיעף) דאס אויבערשטע, דאס העכסטע; העכסטע מדרגה.

Cap′sicum *n.* (קעפ′-סי-קאם) אזא מין אמעריקאנער פעפער=פלאנצען.

capsize′ *v. and n.* (קעפ-סאיז′) זיך איבערקעהרען, אומקעהרען; אומפאלען; אן איבערקעהרען זיך.

cap′stan *n.* (קעפ′-סטען) א הויב=מאשין אויף א שיף [אזא פעסעל=עהנליכער ראד אויף אן אקס צו הויבען משא אויפ'ן שיף].



Capstan

cap′stone *n.* (קעפ′-סטאון) דער אויבערשטער שטיין פון א געביידע.

cap′sular *a.* (קעפ′-סיו-לאר) פוסט ווי א קאפסול; עהנליך צו א קאפסול.

cap′sulate *a.* (קעפ′-סיו-לייט) איינגעשלאסען אדער איינגעפאסט אין א קאפסול.

cap′sulated *a.* (קעפ′-סיו-ליי-טעד) ז. *capsulate*

capsula′tion *n.* (קעפ-סיו-ליי′-שאן) דאס איינשליסען אדער איינפאסען אין א קאפסול.

cap′sule *n.* (קעפ′-סיול) א קאפסול; דער זאמען=קאפסול ביי פלאנצען.

cap′suled *a.* (קעפ′-סיולד) ז. *capsulate*

cap′tain *n. and v.* (קעפ′-טיין) קאפיטאן, הויפטמאן; דער בעסטער שילער אין א שול; דער הויפט פון א פארטיי אין קריקעט=שפיעל; קאמאנדעווען, זיין א הויפט=מאן.

cap′taincy *n.* (קעפ′-טיינ-סי) דאס אמט פון א קאפיטאן.

cap′tain-gen′eral *n.* (קעפ′-טיין-דזשענ′-ע-רעל) דער גענעראל=פעלדמארשאל, דער עלטסטער איבער אן ארמעע.

cap′tain-lieuten′ant *n.* (קעפ′-טיין-ליו-טענ′-ענט) אן אפיציער וואס האט דעם טיטול קאפיטאן נאר בעקומט געהאלט אלס לייטענאנט.

cap′tain of foot (קעפ′-טיין אוו פוט) א קאפיטאן פון פוס=סאלדאטען.

cap′tain of horse (קעפ′-טיין אוו הארס) א קאפיטאן פון קאוואלעריע.

cap′tain-pash′a *n.* (קעפ′-טיין-פעש′-א) אן אמאליגער טיטעל אין טערקיי פאר דעם פלאט=מיניסטער און פון דעם ערשטען אדמיראל.

cap′tainship *n.* (קעפ′-טיינ-שיפ) דער אפיס אדער דער אמט פון א קאפיטאן.

cap the cli′max (קעפ טהי קלאי′-מעקס) געהן ביז צום אויסערען, אריבערטרעטען אלע גרענעצען.

cap′tion *n.* (קעפ′-שאן) פערהאפטונג; האפטס=בעפעהל; איבערשריפט אדער טיטעל פון א דאקומענט אדער אן ארטיקעל.

cap′tious *a.* (קעפ′-שאס) שוועהר צופריעדען צו שטעלען, קריגעריש, וואס זוכט רק חסרונות.

His captious criticism is destructive of harmony.

cap′tiously *adv.* (קעפ′-שאס-לי) זוכענדיג רק חסרונות; אויף א קריטיקירענדען אופן.

cap′tiousness *n.* (קעפ′-שאס-נעס) די נאטור זיך צו קריגען, אדער צו זוכען חסרונות.

cap′tivate *v.* (קעפ′-טי-ווייט) 1. בעצויבערען; 2. פערשקלאפען.

1. He was **captivated** by her beauty.

cap′tivating *a.* (קעפ′-טי-ווי-טינג) בעצויבערענד.

Her manners are **captivating**.

captiva′tion *n.* (קעפ-טי-וויי′-שאן) דאס בעצויבערען, דאס בעצויבערט ווערען.

cap′tive *n. and a.* (קעפ′-טיוו) א קריעגס געפאנגענער; א שקלאף; וואס איז גענומען געפאנגען; וואס ווערט געהאלטען אין געפאנגענשאפט.

cap′tive state (קעפ′-טיוו סטייט) די געפאנגענשאפט.

captiv′ity *n.* (קעפ-טיוו′-אי-טי) געפאנגענשאפט; דאס זיין אין קריעגס=געפאנגענשאפט.

cap′tor *n.* (קעפ′-טאר) א כאפער, איינער וואס נעהמט געפאנגען [א פערזאן אדער א שיף].

cap′turable *a.* (קעפ′-טשור-עבל) וואס קען געפאנגען ווערען.

cap′ture *n. and v.* (קעפ′-טשור) דאס נעהמען אין געפאנגענשאפט; דאס אוועקנעהמען מיט געוואלט; דאס כאפען אדער פאנגען; א זאך וואס איז. אוועקגענומען געווארען מיט געוואלט; אוועקנעהמען מיט געוואלט; נעהמען אין געפאנגענשאפט; כאפען, פאנגען.

Capuchin′ *n.* (קעפ-יו-שין′) א קאפוצינער [א מיטגליעד פון א געוויסען מאנאכען ארדען, געגרינדעט אין יאהר 1528 אין איטאליען].

capuchin′ *n.* (קעפ-יו-שין′) א קאפושאן; אזא אבעזיאנע [מאלפע] אין זיד=אמעריקא; אזא מין טויבען.

cap′ucine *n.* (קעפ′-יו-סין) אזא אבעזיאנע [מאלפע] אין זיד=אמעריקא; אזא שעהנער רויטליכער אראנזש=קאליר.

cap′ut *n.* (קעפ′-אט) דער קאפ; דאס געזעצליכע רעכט פון א בירגער.

cap′ut mor′tuum (קעפ′-אט מאר′-טשו-אם) א טויטער קאפ; א זאך פון וועלכע עס איז אבגענומען געווארען איהר ווערטה.

cap vers′es (קעפ ווארס′-עז) שנעל פארלעזען פערזען, וועלכע פאנגען זיך אן מיט א בעשטימטען בוכשטאב.

cap wea′ner (קעפ הוויע′-נער) א שלאס וואס טהוט זיך אן אויף דער נאז ביי קיה, זיי זאלען ניט קענען זיך אליין אבזוינען די מילך [דער שלאס שטערט זיי אבער ניט צום עסען].

Cap Weaner

capyba′ra *n.* (קעפ-אי-ביי′-רא) ז. *capibara*

car *n.* (קאר) קריעגס וואגען; וואגאן; רייט=וואגען; דאס בילד פון זיבען שטערן אין אסטראנאמיע.

carabineer′ *n.* (קאר-ע-בי-ניער′) א קאראבינער [א סאלדאט וואס איז בעוואפענט מיט א קאראבינער=ביקס].

car′acal *n.* (קער′-ע-קעל) א מין ווילדע קאץ אין נארד=אפריקא און זיד=וועסט אזיען.

caracar′a *n.* (קער-ע-קער′-א) א נעוויסער זיד=אמעריקאנער פויגעל, ער האט א לאנגען עק, א שווארצען קרומען שנאבעל, געלבע פיס און וויים=געלבע געשפריצטע פעדערען.

Caracara

car′ack *n.* (קער′-עק) אזא זארט אלטע פארטוגעזישע אדער שפאנישע שיף וואס פלעגט בענוצט ווערען פאר קריעגס=צוועקען און פאר פראכט.

car′acole *n. and v.* (קער′-ע-קאול) א האלבע אומדרעהונג רעכטס אדער לינקס פון א פערד ביים רייטען; געדרעהטע טרעפ; ארומדרעהען א פערד אין האלבע רונדונגען ביים רייטען.

car′acoli *n.* (קער′-ע-קאל-אי) א לעגירונג [צונויפשמעלצונג] פון גאלד, זילבער און קופער.

car′acoly *n.* (קער′-ע-קאל-אי) ז. *caracoli*

carafe′ *n.* (קע-רעף′) א קאראף, קאראפין, וואסער=פלאש.

carageen′ *n.* (קער-ע-גיען′) אזא עסבארער רויטליכער מאך וואס וואקסט אויף פעלזען אין ים [זעהר פערשפרייט אין ענגלאנד און אירלאנד].

caragheen′ *n.* (קער-ע-גהיען′) ז. *carageen*

car′amel *n.* (קער′-ע-מעל) קאראמעל [אזא צוקערקע].

Car′anx *n.* (קער′-ענקס) אזא מין פייש וועלכע זיינען פלאך און ברייט.

car′apace *n.* (קער′-ע-פיים) דער הארטער שאלאכץ וואס בעדעקט מאנכע בעשעפענישען ווי א ראק, א טשערעפאכע א. ד. ג.

car′at *n.* (קער′-עט) א קאראט [א געוויכטס=איינהייט פאר עדעלשטיינער, וואס איז גלייך צו 205 מיליגראם, אדער אונגעפעהר א 152=טעל פון אן אונץ אדער א 240=טער טייל פון א לויט]; א 24=טער טייל, בעזאנדערס ביי דער בעשטימונג פון דעם ווערטה פון גאלד [ריינער גאלד איז פון 24 קאראט, ווען זעקס 24=טעל, למשל, איז צונעמישט פון אן אנדער מעטאל, דאן איז דאס גאלד פון 18 קאראט, געוועהנליכע גאלד=ציערונג אין אמעריקא איז פון 14 קאראט גאלד].

car′avan *n.* (קער′-ע-ווען) א קאראוואן, א קאמפאניע פון רייזענדע הענדלער אין

אפריקא אדער אזיען [געוועהנליך מיט קעמלען]; א גרויסע קאמפּאניע רייזענדער מיט געפּעק; א גרויסער געדעקטער וואגען, וואס פיהרט א קאמפּאניע רייזענדער; א גרויסער טראנספּארט וואגען.

caravan'sary *n.* (קער-ע-וואנ'-סע-רי) א גאסטהויז פאר קאראוואנען אין אזיען.

car'avel *n.* (קער'-ע-וועל) א לייכטע שיף אין פּארטוגאל און שפּאניען אין 15טען יאהר-הונדערט; אזא טערקישע פּראכט-שיף.

car'away *n.* (קער'-ע-הוויי) פעלד-קימעל [פלאנצע].

car'away com'fits (קער'-ע-הוויי קאמ'-פיטס) צוקער-געבעקס מיט קימעל.

car'bid *n.* (קאר'-ביד) א כעמישע צוזאמענזעצונג פון קויהלען-זויערע מיט א מעטאל.

car'bide *n.* (קאר'-באיד) ז. *carbid*.

car'bine *n.* (קאר'-באין) א רייטער-פלינט [א מין קורצער ביקס].

carbineer' *n.* (קאר-בי-ניער') א קאראבינער, א סאלדאט וועלכער איז בעוואפענט מיט א רייטער-פלינט. ז. *carbine*.

car'bo *n.* (קאר'-באו) א נאמען פון געוויסע שווארצע וואסער-פויגלען.

carbohy'drate *n.* (קאר-באַ-האי'-דרייט) קארבא-הידראט, א כעמישע פערבינדונג פון קויהלען-שטאף [6 אטאמען] מיט וואסער [וואסער-שטאף און זויער-שטאף], ווי צוקער, קראכמאל א. ד. ג.

carbohy'drous *a.* (קאר-באַ-האי'-דראס) וואס בעלאנגט צו קארבא-הידראט. ז. *carbohydrate*.

carbol'ic *a.* (קאר-באל'-איק) פון קארבאל, וואס בעלאנגט צו קארבאל.

carbol'ic ac'id (קאר-באל'-איק עס'-איד) קארבאל-זויערע [א שטאף, וועלכען מען בעקומט פון טער-אויל; ווערט בענוצט צו אנטיסעפּטישע צוועקען און אלס גיפט].

car'bolize *v.* (קאר'-באל-איז) דורכווייקען אדער אנזעטיגען מיט קארבאל-זויערע.

car'bon *n.* (קאר'-באן) קויהלען-שטאף [א כעמישער עלעמענט].

carbona'ceous *a.* (קאר-באַ-ניי'-שיאס) וואס געהערט צו אדער וואס ענטהאלט קויהלען-שטאף.

Carbona'rism *n.* (קאר-באַ-נאַ'-ריזם) די פּרינציפּען און די האנדלונגען פון די קארבאנארער. ז. *Carbonaro*.

Carbona'ro *n.* (קאר-באַ-נאַ'-ראו) א מיטגליעד פון אן אמאליגער געהיימער געזעלשאפט אין נעאפּאל איטאליען [געגרינדעט אין יאהר 1808 מיט דעם צוועק איינצופיהרען א רעפּובליק אין נעאפּאל].

car'bonate *n. and v.* (קאר'-באַ-נייט) קארבאנאט, קויהלען-זויערע זאלץ [א כעמישע פערבינדונג פון קויהלען-זויערע מיט קאלציום, קופער אדער אנדער מעטאל]; אנזעטיגען, דורכווייקען מיט קויהלען-זויערע.

carbona'ted *a.* (קאר-באַ-ניי'-טעד) וואס ענטהאלט קויהלען-זויערע.

car'bonate of so'da (קאר'-באַ-נייט אוו סאו'-דא) סאדע.

carbona'tion *n.* (קאר-באַ-ניי'-שאן) דאס מאכען א כעמישע פערבינדונג מיט קויהלען-זויערע.

car'bon di'oxid (קאר'-באן דאי'-אקס-איד) קויהלען-זויערע. ז. *carbonic acid*.

carbon'ic *a.* (קאר-באנ'-איק) וואס בעלאנגט צו קויהלען-שטאף, וואס קומט פון קויהלען-שטאף.

carbon'ic ac'id (קאר-באנ'-איק עס'-איד) קויהלען-זויערע [א גאז וואס בעשטעהט פון 12 טיילען קויהלען-שטאף און 32 טיילען זויער-שטאף, געפינט זיך אין די אויסגעאטעמטע לופט פון מענשען און חיות].

carbon'ic ox'id (קאר-באנ'-איק אקס'-איד) קויהלען-זויער-שטאף.

carbonif'erous *a.* (קאר-באנ-איפ'-ער-אס) וואס ענטהאלט אדער גיט ארויס קויהלען אדער קויהלען-שטאף.

carbonif'erous age (קאר-באַ-ניפ'-ע-ראס איידזש) די צייט-אלטער פון דער ערד ווען עס האט זיך אין איהר אנגעפאנגען בילדען שטיין-קויהלען [אין געאלאגיע].

carbonif'erous forma'tion (קאר-באַ-ניפ'-ע-ראס פאר-מיי'-שאן) די קויהלען-בילדונג; די פעריאדע פון דער ערד ווען עס האבען זיך אין איהר אנגעפאנגען בילדען שטיין-קויהלען.

carbonif'erous pe'riod (קאר-באַ-ניפ'-ע-ראס פּי'-רי-אד) ז. *carboniferous age*.

car'bonise *v.* (קאר'-באַ-נאיז) פערקויהלען; פערוואנדלען אין קויהלען אדער קויהלען-שטאף, בעדעקען, בעשטרייכען מיט קויהל.

carboniza'tion *n.* (קאר-באַ-ני-זיי'-שאן) פערקויהלונג; דאס פערוואנדלען אין קויהל.

car'bonize *v.* (קאר'-באַ-נאיז) פערקויהלען; פערוואנדלען אין קויהלען אדער קויהלען-שטאף; בעדעקען, בעשטרייכען מיט קויהל.

car'bon-points *n.* (קאר'-באנ'-פּאינטס) די צוויי קויהלען-שטעקלעך פון אן עלעקטרישער בויגען-לאמפּע.

car'boy *n.* (קאר'-באי) א גרויסע רונדע גלעזערנע פלאש, וועלכע איז איינגעפּאקט אין א קערבעל אדער קעסטעל.

Carboy

car'-brake *n.* (קאר' - ברייק) א ברעמזע [טארמאז] אבצוהאלטען די בעוועגונג פון די רעדער פון א באהן-וואגאן.

car'-bum'per *n.* (קאר'-באמ'-פּער) א בופער פון א וואגאן. ז. *buffer*.

car'buncle *n.* (קאר'-באנקל) א קארבונקעל, א בלאטער; א בייזער געשוויר; קארפונקעל [א טייערער שטיין].

car'buncled *a.* (קאר'-באנקלד) בעפּוצט מיט קארפונקעל-שטיינער: פול מיט בלאטערען, מיט בייזע געשווירען.

carbun'cular *a.* (קאר-באנ'-קיו-לער) וואס איז עהנליך צו א קארבונקעל, א בייזע געשוויר; רויט, ענטצינדעט.

carbuncula'tion *n.* (קאר-באנ-קיו-ליי'-שאן) דאס פערדארבען ווערען פון יונגע צווייגלעך און יונגע פלאנצען פון היץ אדער קעלט.

car'buret *v. and n.* (קאר'-ביו-רעט) פערבינדען מיט קויהלען-שטאף; א קויהלען-שטאף פערבינדונג.

car'bureted *a.* (קאר'-ביו-רעט-עד) מיט קויהלען-שטאף פערבונדען.

car'bureter *n.* (קאר'-ביו-רעט-ער) אן אפּאראט צוצומישען קויהלען-וואסער-שטאף צו ניט לייכטענדע גאזען, זיי צו מאכען לייכטענד.

car'buretor *n.* (קאר'-ביו-רעט-אר) ז. *carbureter*.

car'buretted *a.* (קאר'-בי-רעט-עד) ז. *carbureted*.

car'buretted hy'drogen (קאר'-ביו-רעט-עד האי'-דרא-דזשען) קויהלען-וואסער-שטאף [א פערבינדונג פון קויהלען-שטאף מיט וואסער-שטאף].

car'buretter *n.* (קאר'-ביו-רעט-ער) ז. *carbureter*.

car'burettor *n.* (קאר'-ביו-רעט-אר) ז. *carbureter*.

carburisa'tion *n.* (קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) ז. *carburization*.

car'burise *v.* (קאר'-ביו-ראיז) ז. *carburize*.

carburiza'tion *n.* (קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס פערבינדען מיט קויהלען-שטאף, בעזאנדערס דאס פערגרעסערען דעם קויהלען-שטאף-אינהאלט פון אייזען.

car'burize *v.* (קאר'-ביו-ראיז) פערבינדען מיט קויהלען-שטאף; צומישען קויהלען-וואסער-שטאף צו א ניט לייכטענדען גאז איהם לייכטענד צו מאכען.

car'cajou *n.* (קאר'-קע-דזשו) דער פיעל-פרעסער [אזא חיה].

car'canet *n.* (קאר'-קע-נעט) א האלזבאנד בעזעצט מיט גאלד אדער דימאנטען.

car'case *n.* (קאר'-קעס) ז. *carcass*.

car'cass *n.* (קאר'-קעס) א נבלה; דער קערפּער פון א גרויסער חיה אדער בהמה; א סקעלעט אדער ראהם פון א הויז אדער שיף; א חורבה, די רעשטען פון א חרוב'ען הויז אדער חרוב'ער שיף; א באמבע.

car'cass of a ship (קאר'-קעס אוו ע שיפּ) דער סקעלעט אדער ראהם פון א שיף.

car'cer *n.* (קאר'-סער) א געפענגעניס, א קארצער, א טורמע.

carcino'ma *n.* (קאר-סי-נאו'-מא) א ראק, א קרעבס [אלס קראנקהייט].

carcinom'atous *a.* (קאר-סי-נאמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו א ראק, א קרעבס [אלס קראנקהייט]; עהנליך צו א ראק; גענייגט צו ווערען קראנק אויף א ראק.

car'cinous *a.* (קאר'-סי-נאס) ז. *carcinomatous*.

car'cinus *n.* (קאר'-סי-נאס) א ראק, א קרעבס.

card *n. and v.* (קארד) א קארטע; א קארט [צום שפּיעלען]; א בארשט [פון דראט] צו בערשטען וואל אדער פלאקס; בערשטען וואל אדער פלאקס מיט א בארשט.

car'damom *n.* (קאר'-דע-מאם) קארדאמאם [אן אסט-אינדישע פלאנצע וואס איהרע קערנער ווערען געברויכט אלס געווירץ].

card'-bas'ket *n.* (קארד'-בעס'-קעט) א פערציערט קערבעלע צו האלטען וויזיט-קארטען.

card'board *n.* (קארד'-באורד) קארדאן-פּאפּיער, פּאפּ.

card'-case *n.* (קארד'-קיים) א קעסטעלע אדער שיידעל פאר וויזיט-קארטען צו האלטען אין קעשענע.

car'der *n.* (קאר'-דער) א וואל אדער פלאקס בערשטער; אן אויפזעהער איבער די בערשטער אבטיילונג אין א וועבעריי-פאבריק; אזא מין ביען.

car'dia *n.* (קאר'-די-ע) דאס הארץ; דער אויבערשטער טייל פון מאגען וואו עס קומט אריין דער שפּייז-ראהר [וושט, שלונד].

car'diac *a. and n.* (קאר'-די-עק) 1. וואס געהערט צום הארצען; וואס שטארקט דאס הארץ; 2. וואס שטארקט דעם מוט; 3. וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען טייל פון מאגען; 4. א מע־דיצין וואס שטארקט דעם מאגען.
1. The patient is suffering from a cardiac affection.

cardi'acal *a.* (קאר-דאי'-עק-על) וואס געהערט צום הארצען; וואס שטארקט דאס הארץ; וואס שטארקט דעם מוט; וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען טייל פון מאגען.

car'diac or'ifice (קאר'-די-עק אר'-אי-פיס) די אויבערשטע עפענונג פון מא־גען וואו דער שפייז־ראהר קומט אריין.

cardial'gia *n.* (קאר-די-על'-דזשי-ע) הארץ־ברענען; מאגען־ברענען.

cardial'gic *a.* (קאר-די-על'-דזשיק) וואס איז שייך צו הארץ־ברענען אדער מאגען־ברענען.

cardial'gy *n.* (קאר-די-על'-דזשי) ז. *cardialgia*

car'dinal *n. and a.* (קאר'-די-נעל) 1. קארדינאל [איינער פון די הויכע קאטוילישע גייסטליכע, פון וועלכע עס ווערט געוועהלט א פאפסט]; א מין קור־צער מאנטעל; 2. אזא זעהר רויטע פארב; 3. פונדאמענטאל; הויפטזעכ־ליך; פון בעזאנדערער וויכטיגקייט.
3. A student should first master the cardinal principles of the subject he is studying.

car'dinalate *n.* (קאר'-די-נעל-אייט) דאס אמט, ראנג, ווירדע פון א קארדי־נאל.

car'dinal-bird *n.* (קאר'-די-נעל-בוירד) אזא אמעריקאנער פויגעל פון רוי־טען קאליר מיט א טשוביק אויף'ן קאפ.


Cardinal-bird

car'dinal-flow'er (קאר'-די-נעל-פלאו'-ער) אזא נארד אמעריקאנישע פלאנצע וואס האט גרויסע רויטע בלומען.

car'dinal gros'beak (קאר'-די-נעל גראוס'-ביעק) אזא רויטער פויגעל מיט א טשוביק אויף'ן קאפ. ז. *cardinal-bird*

Cardina'lis *n.* (קאר-די-ניי'-ליס) אזא מין רויטע פויגלען מיט קורצע פליגלען און לאנגע עקען [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].
ז. איל. *"Birds of the U. S."*

car'dinal num'ber (קאר'-די-נעל נאמ'-בער) א קארדינאל־צאהל [ווי די צאהלען: איינס, צוויי, דריי א. ז. וו. צום אונטערשייד פון די ארדנונגס־צאהלען: ערשטער, צווייטער, דריטער א. ז. וו.].

car'dinal points (קאר'-די-נעל פאינטס) די פיער הימעלס־געגענדען [מזרח, מערב, צפון און דרום].

car'dinalship *n.* (קאר'-די-נעל-שיפ) ז. *cardinalate*

car'dinal signs (קאר'-די-נעל סאינז) פיער געוויסע וואנדער־שטערען [אין אסטראנאמיע].

car'dinal straw'berry (קאר'-די-נעל סטראה'-בער-אי) א מין גרויסע אמערי־קאנער ערד־בערען [פאזעמקעס].
ז. איל. *"Cultivated fruits"*

car'dinal vir'tues (קאר'-די-נעל וואיר'-טשוז) די פונדאמענטאלע מדות פון א גוטען כאראקטער, בעזאנדערס אין דער אלטער פילאזאפיע די פיער מדות: גערעכטיגקייט, שכל, מוטה און געדולד.

car'dinal winds (קאר'-די-נעל הווינדז) די פיער הויפט־ווינדען [ווי מזרח־ווינד, מערב־ווינד, דרום־ווינד און צפון־ווינד].

car'ding *n.* (קאר'-דינג) דאס בערשטען וואל, פלאקס אדער בוימוואל; א ראלע וואל אדער בוימוואל, ווען עס געהט ארויס פון דער בארשט־מאשין; דאס שפיעלען אין קארטען.

car'ding-machine' *n.* (קאר'-דינג-מע-שין') א מאשין צו בערשטען וואל אדער פלאקס.

car'diograph *n.* (קאר'-די-א-גרעף) קארדיאגראף, אן אפאראט צו פערצייכע־נען די צאהל בעוועגונגען פון הארץ.

cardiog'raphy *n.* (קאר-די-אג'-רע-פי) אן אנאטאמישע בעשרייבונג פון דעם הארץ; די אונטערזוכונג פון דעם הארץ דורך א קארדיאגראף. ז. *cardiograph*

cardiol'ogy *n.* (קאר-די-אל'-א-דזשי) די וויסענשאפט פון דער אנאטאמיע פון דאס הארץ.

cardi'tis *n.* (קאר-דאי'-טיס) הארץ־ענטצינדונג.

card'-ma'ker *n.* (קארד'-מיי'-קער) איינער וואס מאכט קארטען; איינער וואס מאכט בערשט צו בערשטען וואל אדער פלאקס.

card'-match *n.* (קארד'-מעטש) א שפיעל־פארטיי [אין קארטען]; אזא זארט שוועבעלעך.

cardoon' *n.* (קאר-דון') אזא גרינס וועלכע ווערט געגעסען אין פראנקרייך און שפאניען.

card'-par'ty *n.* (קארד'-פאר'-טי) א קארטען־שפיעל־געזעלשאפט.

card'-rack *n.* (קארד'-רעק) א קארטען־האלטער [א רעהמעל אדער קעסטעל צו האלטען וויזיט־קארטען].
He filled the card-rack with cards taken from a box on the table.

card'-recor'der *n.* (קארד'-רי-קאר'-דער) א זייגער וואס איז פערבונדען מיט א מעכאניזם, וועלכער פערצייכענט אויף א קארטע די צייט וואס ווערט פערברויכט אויף וועלכער עס איז ארבייט.

cards *n.* (קארדז) קארטען; קארטען־שפיעל.

card'-shar'per *n.* (קארד'-שאר'-פער) א פראפעסיאנעלער קארטען־שפיעלער, א קארטען־שווינדלער, א שולער.

card'-shar'ping *n.* (קארד'-שאר'-פינג) קארטען־שווינדלעריי, שולעריי.

card'-sys'tem *n.* (קארד'-סיס'-טעם) די קארטען־סיסטעם, די סיסטעם פון מאכען נאטיצען, פראטאקאלירען אדער רעגיסטרי־רען יעדען פונקט אדער פאסטען אויף א בעזונדערער קארטע.

Car'duus *n.* (קאר'-דיו-אס) אזא מין שטעכעדיגע פלאנצען.

care *n. and v.* (קעהר) 1. זארג; 2. פארזיכטיגקייט, אכטונג; 3. אכטונג־געבונג, אויפזעהונג, פערוואלטונג; אכ־טונג געבען; זארגען; זיך בעמיהען; זיך קימערען; זיך אין אכט נעהמען.
1. His first care is his dress. 2. She took great care not to let him know of her sorrow. 3. I will take care of the sleeping child.

care about' (קעהר ע-באוט') אכטונג געבען אויף... זארגען פאר...

care a fig (קעהר ע פיג) זיך קימערען ווי איבער א שמעק טאבאק
I do not care a fig for your claims.

care a snap (קעהר ע סנעפ) קימערען ווי די וואנד, ארען ווי דער פאריאהרי־גער שנעע.

care a straw (קעהר ע סטראה) ז. *care a fig*

care'-crazed *a.* (קעהר'-קרייזד) משוגע פון דאגות.

care'-defy'ing (קעהר'-די-פאי'-אינג) א מענש אהן דאגות.

careen' *v. and n.* (קע-ריען') 1. זיך איינבויגען אויף איין זייט [ווי א שיף]; איינבויגען א שיף אויף איין זייט צו מא־כען אין איהר רעפעראטור; 2. דאס ליע־גען פון א שיף אויף איין זייט; דער פלאץ וואו מען לעגט אוועק א שיף אויף איין זייט איהר צו פערריכטען.
1. The ship careens around one point. 2. It was a ship laid on the careen.

caree'nage *n.* (קע-ריע'-נעדזש) די קאסטען פאר דאס פערריכטען פון א שיף; דער פלאץ וואו מען פערריכט א שיף.

caree'ning *n.* (קע-ריע'-נינג) דאס איינבויגען זיך אויף איין זייט; דאס איינבויגען א שיף אויף איין זייט צו מא־כען אין איהר רעפעראטור.

career' *n. and v.* (קע-ריער') 1. דער פלאץ, וואו עס ווערט געהאלטען דאס וועט־לויפען פון פערד; דער וועג; דאס לויפען גאלאפ; 2. די קאריערע, לעבענס־וועג, לעבענס־בעשעפטיגונג; 3. שנעל לויפען.
2 He decided to make teaching his career.

care for (קעהר פאר) אכטונג געבען אויף, זארגען פאר.
The child was well cared for.

care'ful *a.* (קעהר'-פול) פארזיכטיג.

care'fully *adv.* (קעהר'-פול-אי) מיט פארזיכט, מיט אויפמערקזאמקייט.

care'fulness *n.* (קעהר'-פול-נעס) פאר־זיכטיגקייט.

care'ful of (קעהר'-פול אוו) בעזארגט ווענען; אויפמערקזאם צו העלפען אדער שטיצען.

care'less *a.* (קעהר'-לעס) נאכלעסיג, אבגעלאזען; אהן דאגות, מונטער.

care'less about' (קעהר'-לעס ע-באוט') אונפארזיכטיג, ניט איבערלעגט.
Do not be careless about your spelling.

care'lessly *adv.* (קעהר'-לעס-לי) מיט אונפארזיכטיגקייט, מיט נאכלעסיגקייט.

care'lessness *n.* (קעהר'-לעס-נעס) אונפארזיכטיגקייט, נאכלעסיגקייט, אונ־אויפמערקזאמקייט.

care'less of (קעהר'-לעס אוו) ז. *careless about*

care'-lined *a.* (קעהר'-לאינד) גע־קנייטשט פון דאגות [ווענען געזיכט].

caress' *n. and v.* (קע-רעס') אויסדרוק פון ליעבע דורך לאשטשען; אומארמען; לאשטשען.

caress'ing *a.* (קע-רעס'-אינג) אומאר־מענד, לאשטשענד.

caress'ingly *adv.* (קע-רעס'-אינג-לי) אומארעמענדיג, לאשטשענדיג.

ca'ret *n.* (קיי'-רעט) איינשאלטונגס=צייכען [דער צייכען ‸, וועלכער ווערט בענוצט אין שרייבען אדער אין אויסבעסערען דרוק=זאכען, אום אנצוצייגען, אז אויף דעם פלאץ דארף אריינגעשטעלט ווערען א ווארט, א שורה, א זאץ א. ז. וו.].

care'taker *n.* (קעהר'-טיי-קער) אן אויפפאסער; אן אויפפאסער אויף א הויז.

care'-tuned *a.* (קעהר'-טיונד) פעראומערט, אראב פון מוט צוליעב זארג.

care'-worn *a.* (קעהר'-הוואורן) אלט פון דאגות; פעראומערט און פערזארגט.
He was weary and care-worn.

Ca'rex *n.* (קיי'-רעקס) אזא מין פלאנצען עהנליך צו גראז קוסטעס וואס וואקסען אין פייכטע ערטער.

car'go *n.* (קאר'-גאו) די לאדונג פון א שיף.

car'iboo *n.* (קער'-אי-בוה) דער אמעריקאנער הירש [געפינט זיך אין די נארדליכע טיילען פון לאנד].

car'ibou *n.* (קער'-אי-בוה) ז. *cariboo*

Car'ica *n.* (קער'-אי-קע) א מין פלאנצען אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא.

car'icature *n. and v.* (קער'-אי-קע-טשור) א קאריקאטור, א לעכערליכע פארשטעלונג, א לעכערליך בילד; פארשטעלען אין א לעכערליכער ארט; מאכען א קאריקאטורע.

car'icaturist *n.* (קער'-אי-קע-טשור-איסט) א קאריקאטוריסט, איינער וואס שטעלט עפעס פאר אין לעכערליכע בילדער; א קאריקאטורען=צייכנער.

car'icous *a.* (קער'-אי-קאס) וואס איז שייך צו א פייג; עהנליך צו א פייג.

car'icous tu'mor (קער'-אי-קאס טיו'-מאר) אזא צואוואוקס [גוז], געשוואולסט אויף'ן קערפער, וואס איז עהנליך צו א פייג.

ca'ries *n.* (קיי'-רי-איז) א קאריום [אזא קראנקהייט פון די צייהנער, וואס קומט פון פוילען פון דעם דענטין (דער שטאף פון וואס די צייהנער בעשטעהען)]:

car'illon *n.* (קער'-אי-לאן) דאס גלאקענשפיעל [א רייהע פון פערשיעדענע גלעקלעך אויף וועלכע מען שפיעלט אוים מעלאדיען]; דאס קלינגען שנעל מיט עטליכע גרויסע גלאקען אויף אמאל.

cari'na *n.* (קע-ראי'-נע) דאס בלומען=שיפעלע [א טייל פון א געוויסע בלום וואס האט די עהנליכקייט צו א שיפעל].

car'inate *a.* (קער'-אי-נייט) וואס האט די פארם ווי דער גרונד באלקען [קיעל] פון א שיף [בעזאנדערס ביי פלאנצען].

car'iole *n.* (קער'-אי-אול) א מין קליינע אפענע קארעטע.

carios'ity *n.* (קיי-רי-אס'-אי-טי) דאס ליידען פון א קאריום [ביי צייהנער]; דאס פוילען פון א ביין: ז. *caries*

ca'rious *a.* (קיי'-רי-אס) וואס איז אנגעגריפען פון א קאריום [ביי א צאהן]; זייענדיג צופרעסען [ווי אויסגעראסטע אייזען].

ca'riousness *n.* (קיי'-רי-אס-נעס) ז. *cariosity*

cark *n. and v.* (קארק) א משא, א לאסט, א פעקעל דאגות אדער צרות; בעלאדען, בעלאסטען; בעלאסטען מיט דאגות.

car'king *a.* (קאר'-קינג) וואס מאכט דאגות; בעאונרוהיגענדיג, ערגערענדיג.

carl *n.* (קארל) א פויער, א גראבער יונג.

carl'-hemp *n.* (קארל'-העמפ) די ווייבליכע האנף=פלאנצע וואס טראגט די זוימען.

car'lin *n.* (קאר'-לין) אן אלטע פרוי; אן אלטע מכשפה [אלס זידעל=ווארט פאר א פרוי].

Carli'na *n.* (קאר-לאי'-נע) א מין דארן=פלאנצען.

car'line *n.* (קאר'-לין) אן אלטע פרוי; אן אלטע מכשפה [אלס זידעל=ווארט פאר א פרוי]; אזא דארן=פלאנצע.

car'line this'tle (קאר'-לין טהיסל) ז. *Carlina*

carli'no *n.* (קאר-לי'-נאו) אזא אלטע איטאליענישע זילבערנע מטבע, וואס האט געהאט דעם ווערטה פון אן ערך 16 אמעריקאנער סענט; א סארדיניער אלטע גאלד=מטבע, וואס האט געהאט דעם ווערטה פון אן ערך 28 אמעריקאנער דאלאר.

Car'lism *n.* (קאר'-ליזם) די בעוועגונג וואס האט געוואלט מאכען דאן קארלאס פאר א קעניג אין שפאניען [אין דער ערשטער העלפט פון 19=טען יאהרהונדערט].

Car'list *n.* (קאר'-ליסט) אן אנהענגער פון דאן קארלאס, וואס האט געוואלט ווערען דער קעניג פון שפאניען [אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט].

car'-load *n.* (קאר'-לאוד) די משא וואס א פראכט=וואגאן קען פיהרען. [אן ערך 30 טויזענד פונט].

car'lock *n.* (קאר'-לאק) פיש=קליי [א קליי וואס ווערט געמאכט פון די פענכערס פון פיש].

Carlovin'gian *n. and a.* (קאר-לא-ווינ'-דזשי-ען) וואס איז נוגע צו דעם אמאליגען פראנצויזישען קעניג שארלמאן [אין 8טען יאהרהונדערט]; א פרינץ אדער קעניג וואס שטאמט פון דער פאמיליע שארלמאן.

Carly'lean *a.* (קאר-לאי'-לי-ען) ז. *Carlylian*

Carly'lian *a.* (קאר-לאי'-לי-ען) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו די געדאנקען, מיינונגען אדער סטיל פון דעם בעריהמטען שאטלענדישען שריפטשטעלער טהאמאס קארלאיל [געבארען 1795, געשטארבען 1881].

Carmagnole' *n.* (קאר-מא-ניאל') אזא טאנץ און ליעד פון דער צייט פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין יאהר 1789.

car'man *n.* (קאר'-מען) א פוהרמאן; א קאנדוקטאר.

car'man peach (קער'-מען פיעטש) אזא זארט פערסיקעס.
ז. איל. *"Cultivated fruits"*

Car'melite *n. and a.* (קאר'-מע-לאיט) א מאנאך פון דעם קריסטליכען הייליגען פעראיין כרמל אין סיריען; וואס געהערט צו דעם פעראיין פון די מאנאכען פון כרמל.

car'melite *n.* (קאר'-מעל-איט) אזא זארט בארנעם [בארן]; אזא וואלען=שטאף.

car'mine *n.* (קאר'-מין) קארמין [אזא טייערע רויטע פארב].
ז. איל. *"Colors"*

carmin'ic *a.* (קאר-מינ'-איק) וואס איז רויט ווי קארמין; וואס ווערט געמאכט פון קארמין.

carn *n.* (קארן) א הויפען שטיינער אלס א צייכען [גל עד].

car'nage *n.* (קאר'-נעדזש) בלוט=באד; ברוטאלע שלאכט; פאגראם.

car'nal *a.* (קאר'-נעל) 1. בלוטיג; פלייש=גיעריג; 2. פליישליך; תאוה'דיג; מגושם'דיג.
2. He is sunk in carnal pleasure.

car'nalism *n.* (קאר'-נעל-איזם) פלייש=לוסט; תאוה.

car'nalist *n.* (קאר'-נעל-איסט) א בעל תאוה.

car'nalite *n.* (קאר'-נעל-איט) אזא מילך=ווייסער אדער רויטליכער מינעראל.

carnal'ity *n.* (קאר-נעל'-אי-טי) פלייש=לוסט, תאוה. ז. *carnalism*

car'nalize *v.* (קאר'-נעל-איז) מאכען תאוה'דיג, זיך אראבלאזען צו תאוות.

car'nally *adv.* (קאר'-נעל-אי) ז. *carnal*

car'nal-min'ded *a.* (קאר'-נעל-מאינ'-דעד) וואס איז א בעל תאוה, וואס איז אבגעגעבען צו מגושם'דיגע תאוות.

car'nal-min'dedness *n.* (קאר'-נעל-מאינ'-דעד-נעס) פלייש=לוסט, תאוה.

car'nalness *n.* (קאר'-נעל-נעס) ז. *carnalism*

carna'tion *n.* (קאר-ניי'-שאן) פלייש=קאליר; דאס מאהלען אויף א בילד נאקעטע טיילען פון א מענשליכען קערפער; די גארטען=נעלקע [אזא בלום וואס האט א פלייש=קאליר].

Carnation

carna'tioned *a.* (קאר-ניי'-שאנד) וואס האט א פלייש=קאליר.

carne'lian *n.* (קאר-ני'-ליען) אזא טייערער שטיין, וואס האט א פלייש=קאליר.

car'neous *a.* (קאר'-ני-אס) פליישיג, וואס האט די איינענשאפטען פון פלייש; וואס האט א פלייש=קאליר.

car'neous fi'bres (קאר'-ני-אס פאיברז) פלייש=פאזערען, מוסקול=פאזערען [די פלייש=פעדימלעך פון וועלכע די מוסקולען בעשטעהן].

car'ney *n. and v.* (קאר'-ני) אזא מויל=קראנקהייט ביי פערד; חניפה; זיך אונטער'חנפ'ענען.

carnifica'tion *n.* (קאר-ני-פי-קיי'-שאן) דאס פערפליישען, דאס פערוואקסען מיט פלייש.

car'nify *v.* (קאר'-ני-פאי) פערפליישען, פערוואקסען מיט פלייש; דיק ווערען.

car'nival *n.* (קאר'-ני-וועל) קארנעוואל [א קאטוילישער יום טוב וועלכער ווערט געפייערט אין די קאטוילישע לענדער דורך מאסקען און פראצעסיאנען פאר זייער פאסט=צייט]; א פאלקס=יום טוב אין וועלכען עס בעטיילינען זיך גרויסע מאסען מענשען [מייסטענס אין מאסקען].

Carniv'ora *n.* (קאר-ניוו'-א-רא) דער מין חיות וועלכע געהערען צו דער גרופע פון פלייש=עסער [ווי בערען, וועלף, הינט א. ז. וו.].

carniv'ora *n.* (קאר-ניוו'-א-רא) חיות וואס נעהרען זיך מיט פלייש.

carnivorac'ity *n.* (קאר-ני-ווא-רעס'-אי-טי) דער אפעטיט אדער די לוסט צו פלייש.

carniv'oral *a.* (קאר-ניוו'-א-רעל) וואס איז שייך צו די חיות וועלכע נעהרען זיך מיט פלייש.

car'nivore *n.* (קאר'-ני-וואור) א פלייש־עסענדע חיה.

carniv'orous *a.* (קאר-ניוו'-א-ראס) וואס עסען אדער שפּייזען זיך מיט פלייש [וועגען חיות].

carniv'orously *adv.* (קאר-ניוו'-א-ראס-לי) שפּייזענדיג זיך מיט פלייש.

carniv'orousness *n.* (קאר-ניוו'-א-ראס-נעס) דאס שפּייזען זיך מיט פלייש.

car'nose *a.* (קאר'-נאוס) פליישיג, וואס איז שייך צו פלייש.

carnos'ity *n.* (קאר-נאס'-אי-טי) א פלייש־געוויקס [א גוז].

car'nous *a.* (קאר'-נאס) פליישיג; וואס איז שייך צו פלייש.

car'ny *n. and v.* (קאר'-ני) חניפה; חנפ'ענען.

car'ob *n.* (קער'-אב) יאהאנים־ברויט־בוים [אזא בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסט א זארט בעבלעך]; די פרוכט פון יאהאנים־ברויט־בוים.

car'ob-bean *n.* (קער'-אב-ביען) יאהאנים־ברויט [די בעבלעך פון דעם יאהאנים־ברויט־בוימעל].

car'ob-tree *n.* (קער'-אב-טריע) ז. ***carob***

car'ol *n. and v.* (קער'-אל) א פרעהליכעס ליעד; א לויבגעזאנג; זינגען; פרעהליך זינגען; לויבען מיט געזאנג.

car'olin *n.* (קער'-א-לין) אן אלטע דייטשע גאלדענע מטבע; א שוועדישע גאלדענע מטבע, וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 2 אמעריקאנער דאלאר.

caroli'na all'spice (קער-או-לאי'-נע אהל'-ספאיס) די זיס־פלאנצע [א געוויסע וועסט־אינדישע פלאנצע].

Carolina Allspice

car'oling *n.* (קער'-אל-אינג) א לויבגעזאנג; א געזאנג פון פרייד.

Carolin'gian *n. and a.* (קער-א-לינ'-דזשי-ען) ז. ***Carlovingian***

Carolin'ian *n. and a.* (קער-א-לינ'-אי-ען) וואס איז נוגע צו נארד, אדער זיד קאראלאינע; אן איינוואהנער פון נארד אדער זיד קאראלאינע [איינע פון די שטאאטען אין נארד־אמעריקא].

carolit'ic *a.* (קער-א-ליט'-איק) בעפוצט מיט צווייגען און בלעטער [ביי זיילען פון א געביידע].

car'olling *n.* (קער'-אל-אינג) ז. ***caroling***

car'olus *n.* (קער'-א-לאס) אן אלטע ענגלישע גאלדענע מטבע אין ווערטה פון אן ערך פינף אמעריקאנער דאלאר.

car'om *n. and v.* (קער'-אם) דאס אנקלאפּען צוויי אדער דריי ביליארד קוילען מיט איין שטוים פון קיע [ביליארד־שטעקען]; געבען א קונציגען שטוים, ווי מיט א קיע אין ביליארד־שפּיעל.

car'omel *n.* (קער'-א-מעל) ז. ***caramel***

carot'id *n. and a.* (קע-ראט'-איד) די הויפּט ארטעריע פון האלז וואס פיהרט דאס בלוט צום מארך; וואס איז שייך צו דער הויפּט ארטעריע פון האלז.

carot'idal *a.* (קע-ראט'-איד-על) וואס איז שייך צו דער הויפּט ארטעריע פון האלז.

carot'id ar'teries (קע-ראט'-איד אר'-טע-ריז) די הויפּט ארטעריען פון האלז [איינע רעכטס און די צווייטע לינקס]. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

carou'sal *n.* (קע-ראו'-זעל) א טרינק־פעסט; א גרויסע טרינקעריי.

carouse' *v. and n.* (קע-ראוז') זויפען, שוועכען, פיעל טרינקען; א טרינק־פעסט.

car'ousel *n.* (קער'-או-זעל) א קארוסעל [הילצערנע פערדלעך אדער אזעלכע וויעגען וואס דרעהען זיך אין דער רונד].

carou'ser *n.* (קע-ראו'-זער) א טרינקער, א שוועכער, א שכור.

carou'singly *adv.* (קע-ראו'-זינג-לי) דורך שכור'ען, שוועכען.

carp *n. and v.* (קארפּ) קארפּ [א פיש]; אויסזעצען פעהלערען, טאדלען, זידלען.



Carp

car'pal *a. and n.* (קאר'-פּעל) וואס איז שייך צום האנד־געלענק; וואס איז שייך צו דעם ווארצעל פון אן אינזעקט'ס פליגעל; האנד־געלענק; האנד־ווארצעל־ביין [דער ביין וואו די האנד־פלעכע פאנגט זיך אן].

car'pal bone (קאר'-פּעל באון) דער האנד־ווארצעל־ביין [דער ביין וואו די האנד־פלעכע פאנגט זיך אן].

car'pal joint (קאר'-פּעל דזשאינט) דאס האנד־געלענק.

carp at (קארפּ עט) טאדלען, אויסזעצען פעהלערען אהן א גרונד.

Do not **carp at** my action.

Carpa'thian *a.* (קאר-פּיי'-טהי-ען) וואס איז שייך צו די קארפּאטען־בערג [אין עסטרייך].

Carpa'thians *n.* (קאר-פּיי'-טהי-ענז) די קארפּאטען־בערג [אין עסטרייך].

car'pel *n.* (קאר'-פּעל) אן איינפאכער פּעסטיל [ווייבליכער ארגאן ביי פלאנצען].

car'pellary *a.* (קאר'-פּע-ליי-רי) וואס איז שייך צו אן איינפאכען פּעסטיל [ווייבליכער ארגאן ביי פלאנצען].

carpel'lum *n.* (קאר-פּעל'-אם) ז. ***carpel***

car'penter *n. and v.* (קאר'-פּענ-טער) א טישלער, א בוי־טישלער, א סטאליאר; טהאן טישלער־ארבייט.

car'penter-bee *n.* (קאר'-פּענ-טער-ביע) אזא ביען וואס מאכט זיך איהר נעסט אין שטיקער האלב־פערפוילטען האלץ, וואו זי האקט אוים מיט איהר שארפען הארטען שטאכעל מעהרערע קעמערלעך און לעגט אין זיי איהרע אייער.



Carpenter-bee

car'penter's adze (קאר'-פּענ-טערז עדז) א טישלער־הובעל.

car'penter's ax (קאר'-פּענ-טערז עקס) א בוי־טישלער־האק.

car'penter's bench (קאר'-פּענ-טערז בענטש) א הובעל באנק; א ווארשטאט פון א סטאליאר.

car'penter's work (קאר'-פּענ-טערז הוואירק) טישלער־ארבייט, בוי־ארבייט.

car'pentry *n.* (קאר'-פּענ-טרי) טישלעריי, סטאליעריי, בוי־ארבייט.

car'per *n.* (קאר'-פּער) איינער וואס טאדעלט אהן א גרונד.

car'pet *n. and v.* (קאר'-פּעט) קאוויאר, טעפּיך; דיוואן; בעדעקען מיט א טעפּיך; אויסשפּרייטען א טעפּיך.

car'pet-bag *n., v. and a.* (קאר'-פּעט-בעג) 1. א רייזע־זאק [געמאכט פון טעפּיך־שטאף]; 2. לעבען אדער האנדלען ווי א וואנדערענדער ספּעקולאנט [איינער וואס זיין גאנצער פערמעגען בעשטעהט ניט מעהר ווי אין דעם וואס ער פיהרט אין זיין רייזע־זאק און קוקט נאר אוים אויף ספּעקולאציעס אין דעם ארט וואו ער קומט]; 3. וואס פיהרט פּאליטיק אויף דעם שניט פון א וואנדערענדען ספּעקולאנט. ז. ***carpet-bagger***

3. I mean real politics but no **carpet-bag** politics.

car'pet-bag'ger *n.* (קאר'-פּעט-בעג'-ער) איינער וואס זיין גאנצער פערמעגען בעשטעהט ניט מעהר ווי אין דעם וואס אין זיין רייזע־זאק געפינט זיך און קוקט נאר אוים אויף ספּעקולאציעס אין דעם ארט וואו ער קומט; א פרעמדער וואס פלעגט קומען און זיך בענוצען מיט די אונארדנונגען אין דעם פּאליטישען צושטאנד פון די זיד־שטאאטען פון אמעריקא נאך דעם בירגער־קריעג צו בעקומען דעם איינפלוס אויף די בעפרייטע נעגערס און אויסנוצען זייערע שטימען פאר זיינע צוועקען [הויפּטזעכליך פלעגט מען אזוי רופען די וואס פלעגען קומען פון די אמעריקאנער נארד־שטאאטען].

car'pet-bag'gism *n.* (קאר'-פּעט-בעג'-איזם) דאס פיהרען פּאליטיק אויף דעם שניט פון וואנדערענדע ספּעקולאנטען. ז. ***carpet-bagger***

car'pet-bea'ter *n.* (קאר'-פּעט-ביע'-טער) א טעפּיך־ריינינער [איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט ריינינען טעפּיכער דורך אויסקלאפּען פון זיי דעם שטויב]; א מאשין צום אויסקלאפּען דעם שטויב פון טעפּיכער.

car'pet-bee'tle *n.* (קאר'-פּעט-ביעטל) אזא גרויסער זשוק [וועלכער צופרעסט טעפּיכער און אנדערע וואלען־שטאף].

car'pet-brush *n.* (קאר'-פעט-בראש) אזא בארשט צום רייניגען טעפיכער.

car'pet-bug *n.* (קאר'-פעט-באג) ז. ***carpet-beetle***

car'pet-dance *n.* (קאר'-פעט-דענס) א לייכטע, היימישע טאנץ-אונטערהאלטונג [וואו די טעפיכער ווערען ניט אוועקגענומען, ווי דאס ווערט געטהאן ביי א באל].

car'pet-friend *n.* (קאר'-פעט-פרענד) ניט קיין איבערגעגעבענער פריינד, א פריינד נאר אויף שמחות.

He is only a carpet-friend. He shares our joys, but not our sorrows.

car'pet-knight *n.* (קאר'-פעט-נאיט) א ריטער וואס האט קיין פולווער ניט געשמעקט; א זאלאן-העלד.

car'pet-mon'ger *n.* (קאר'-פעט-מאנ'-גער) א טעפיך-הענדלער; איינער וואס לעבט אין לוקסוס און פערגניגען.

car'pet-rod *n.* (קאר'-פעט-ראד) א טעפיך-שטאנג [צום פעסטהאלטען דעם טעפיך אויף די טרעפ].

car'pet-snake *n.* (קאר'-פעט-סנייק) אזא גרויסע אויסטראלישע שלאנג [איהר הויט האט פערשיעדענע קאלירען].

car'pet-strai'ner *n.* (קאר'-פעט-סטריי'-נער) אזא געצייג אויסצושפרייטען א טעפיך.

car'pet-stretch'er *n.* (קאר'-פעט-סטרעטש'-ער) ז. ***carpet-strainer.***

car'pet-swee'per *n.* (קאר'-פעט-סוויפ'-פער) אזא בעזים צום רייניגען טעפיכער און ארויסצונעהמען פון זיי דעם שטויב.

car'pet-thread *n.* (קאר'-פעט-טהרעד) אזא זארט שטארקער פאדים צום צונויפ-נעהען טעפיכער.

car'pet-wire *n.* (קאר'-פעט-וואיר) אזא דראט מיט וועלכען עס ווערט פעסט געהאלטען דער טעפיך אויפ'ן טרעפ.

carphol'ogy *n.* (קאר-פאל'-א-דזשי) דאס צופען פון היץ די בעט-געוואנד פון א קראנקען, וואס ליגט אין פיבער.

car'ping *n. and a.* (קאר'-פינג) טאדלענדיג אדער קריטיקירענדיג אהן א גרונד; טאדעל, גרונדלאזע קריטיק, פעהלער-זוכעניש.

car'ping crit'ic (קאר'-פינג קריט'-איק) גרונדלאזע קריטיק; א קריטיקער, וואס זוכט נור חסרונות.

car'polite *n.* (קאר'-פא-לאיט) פערשטיינערטע פרוכט [פרוכט, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין שטיין].

carpol'ogy *n.* (קאר-פאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פרוכט.

car'pus *n.* (קאר'-פאס) האנד-געלענק; האנד-ווארצעל, האנד-ווארצעל-ביין [דער ביין וואו די האנד-פלעכע פאנגט זיך אן].

car'rack *n.* (קער'-עק) ז. ***carack***

carrageen' *n.* (קער-ע-גיען') ז. ***carageen***

carragheen' *n.* (קער-ע-גיען') ז. ***carageen***

car'rat *n.* (קער'-עט) ז. ***carat***

car'raway *n.* (קער'-ע-הוויי) ז. ***caraway***

car'riable *a.* (קער'-אי-עבל) וואס קען געטראגען ווערען.

car'riage *n.* (קער'-אידזש) א קארעטע; דאס טראגען; דאס פיהרען, דאס פיהרען סחורה אדער פערזאנען; טראנספארט-געשעפט; די אויסגאבען אויף פוהר אדער טראנספארט; אויפפיהרונג.

car'riageable *a.* (קער'-אידזש-עבל) וואס קען טראנספארטירט אדער געפיהרט ווערען מיט א קארעטע.

car'riage-beam *n.* (קער'-אידזש-ביעם) דער דייקסעל [דאס קווער-שטענגעל פון א וואגען, צו וועלכען די פערד ווערען געשפאנט].

car'riage-com'pany *n.* (קער'-אידזש קאמ'-פע-ני) רייכע לייט וואס פאהרען אין אייגענע קארעטען.

car'riage-drive *n.* (קער'-אידזש-דראייוו) דער צופאהר צו א הויז פאר קארעטען.

car'riage-free *a.* (קער'-אידזש-פריע) פריי פון צאהלען טראנספארט-געלד.

car'riage-lif'ter *n.* (קער'-אידזש-ליפ'-טער) א מאשין צום הויבען שווערע משא.

car'riage-paid *a.* (קער'-אידזש-פייד) פאסט-פריי, פראנקא, פאר טראנספארט בעצאהלט.

car'riageway *n.* (קער'-אידזש-הוויי) א וועג פאר פוהרען אדער קארעטען [ווי אויף א בריק, אין א גאס א. ד. ג.]; א פאהר-וועג.

car'rick *n.* (קער'-איק) ז. ***carack***

car'rick-bend *n.* (קער'-איק-בענד) אזא שלייף אדער קנופ וואס מאטראזען מאכען צו בעהעפטען צוויי שטריק.

Carrick-bend

car'ried *a.* (קער'-איד) ניט אין גאנצען ביים פערשטאנד; ניט בכח צו בעגרייפען פשוט'ע זאכען.

car'rier *n.* (קער'-אי-ער) א טרעגער.

car'rier-pige'on *n.* (קער'-אי-ער-פידזש'-אן) א פאסט-טויב [א געלערענטע טויב מיט וועלכע מען שיקט בריעף].



Carrier-pigeon

car'rion *n.* (קער'-אי-אן) א נבלה, א פגר; א ווערטהלאזער מענש אדער זאך.

car'rion-bee'tle *n.* (קער'-אי-אן-ביעטל) אזא זשוק [קעפער] וואס שפייזט זיך מיט נבלה-פלייש.

car'rion-crow *n.* (קער'-אי-אן-קראו) א קראהע, א ווארענע.

car'rion-fee'der *n.* (קער'-אי-אן פיע'-דער) א חיה וואס עסט נבלות.

cor'ymb *n.* (קאר'-אימב) בײ פּלאַנצען, די בלומען אָדער די פּרוכטען װעלכע װאַקסען אין אַ פּלאַכע אָדער האַלב-רונ-דען בינטעל.

Corymb

corym'biate *a.* (קאַ-רימ'-בי-אײט) אַרויסברײנגענדיג בלומען אָדער פּרוכטען אין פּלאַכע אָדער האַלב-רונדע בינטלעך [װעגען פּלאַנצען].

corym'biated *a.* (קאַ-רימ'-בי-אײ-טעד) ז. ***corymbiate***

corymbif'erous *a.* (קאר-אימ-ביפ'-ע-ראַס) ז. ***corymbiate***

corym'bose *a.* (קאַ-רימ'-באָוס) װאָס איז שײך אָדער װאָס איז ענהליך צו פּלאַנ-צען, װאָס זײערע פּרוכטען אָדער בלומען װאַקסען אין פּלאַכע אָדער האַלב-רונדע בינטלעך.

corym'bous *a.* (קאַ-רימ'-באַס) ז. ***corymbose***

coryphæ'us *n.* (קאר-אי-פי'-אַס) ז. ***corypheus***

coryphée' *n.* (קאַ-רי-פײ') די הויפּט-טענצערין אָדער הויפּט-טענצער אין אַ באַ-לעט.

coryphe'us *n.* (קאר-אי-פי'-אַס) דער פיהרער פון די כאָר-טענץ אין דער אַל-טער גריכישער דראַמאַ; דער פיהרער פון אַ כאָר; אַ פיהרער.

cory'za *n.* (קאַ-ראַי'-זאַ) [אין מעדיצין] קאַטער אָדער אָנצינדונג אין נאָז און אין האַלז װאָס קומט פון פערקיהלונג].

cose'cant *n.* (קאָו-סי'-קענט) די קאָ-זעקאַנטע [אין אויסדרוק אין דער טרי-גאָנאָמעטריע צו בעצײכנען אַ געװיסע בע-ציהונג פון צװײ זײטען פון אַ דרײ-עק צו זײנע װינקלען. דיזע בעציהונג װערט אי-מער אויסגעדריקט אין אַ צאָהל, װאָס איז העכער װי 1, אָדער װאָס קען זײן גלײך צו 1].

cosec'tional *a.* (קאָו-סעק'-שאַנ-על) אין באָטאַניק — װאָס בעלאַנגט צו דער זעלביגער סעקציאָן [נאַטירליכע גרופּע].

cos'en *v.* (קאַז) אַבנאַרען, אַרײננאַרען.

cosen'tient *a.* (קאָו-סען'-שיענט) בע-מערקענד אָדער פיהלענד צוזאַמען מיט אַנדערע.

co'sey *a.* (קאָו'-זי) בעקװעם, װאַרם, גע-מיטליך.

He retired to his cosey study and began to read.

cosh'er *v.* (קאַש'-ער) שפּײזען מיט זיסע זאַכען, צערטלען; זײן פרײנדליך מיט אײ-נעם; פיהרען אַ שמועס; צװינגען צו גע-בען כיבוד אָדער אונטערהאַלטונג, װי שפּײז, װאָהנונג א. ד. ג.

cosh'ering *n.* (קאַש'-ער-אינג) דאָס רעכט פון פעאָדאַל [פּריץ] אין מיטעל-אַלטער צו װאָהנען בײ זײנע אונטערטהאַ-נען און לעבען אויף זײער רעכנונג.

cosh'ery *n.* (קאַש'-ער-אי) ז. ***coshering***

cosig'natory *a.* and *n.* (קאָו-סיג'-נע-טאָ-רי) װאָס איז פערבונדען מיט אַן אַנ-דערען אין אונטערשרײבען אַ קאָנטראַקט; אײנער, װעלכער שרײבט אונטער מיט נאָך אַנדערע אַ קאָנטראַקט.

Nearly all the nations of the world were cosignatories to the Hague arbitration treaty.

cosignif'icative *a.* (קאָו-סיג-ניפ'-אי-קײ-טיװ) װאָס האָט דיזעלביגע בעדײטונג.

co'sily *adv.* (קאָו'-זי-לי) מיט בעקװעמ-ליכקײט; אויף אַ בעקװעמליכען אופן.

cos'inage *n.* (קאַז'-נ-עדזש) בלוט-פער-װאַנדשאַפט.

co'sine *n.* (קאָו'-סאַין) [אַז] קאָזינוס אויסדרוק אין דער טריגאָנאָמעטריע װעל-כער בעצײכענט אַ געװיסע בעציהונג פון צװײ זײטען פון אַ דרײ-עק אין בעצוג צו דעם װינקעל, װעלכען זײ שליסען אײן. די-זע בעציהונג װערט אימער אויסגעדריקט אין אַ געװײסער צאָהל, װאָס קען ניט זײן העכער װי 1].

cos'mete *n.* (קאַס'-מיעט) אַ הויכער בע-אַמטער אין אַלט-גריכענלאַנד, װעלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער ער-ציהונג פון יונגע לײט צו מאַכען פון זײ גוטע בירגער.

cosmet'ic *a.* and *n.* (קאַז-מעט'-איק) פערשעהנערנד; װאָס גיט צו שעהנקײט; קאָסמעטיק, מיטלען צו מאַכען שעהנער דעם קערפּער, װי פּודרע, פּאַרפיומען, א. ד. ג.].

cosmet'ical *a.* (קאַז-מעט'-אי-קעל) ז. ***cosmetic***

cosmetol'ogy *n.* (קאַז-מי-טאַל'-אָ-דזשי) די לעהרע װי אַזױ אויפצוהאַלטען דעם קערפּער שעהן און רײן.

cos'mic *a.* (קאַז'-מיק) װאָס געהערט צום קאָסמאָס [ז. ***cosmos***] װאָס איז שײך צו דער פילאָזאָפישער לעהרע װע-גען קאָסמאָס; אונגעהײער ברײט; אין אַסטראָנאָמיע — װאָס עס קומט פּאַר אין הימעל פּאַר'ן זונען-אויפגאַנג.

cos'mical *a.* (קאַז'-מי-קעל) ז. ***cosmic***

cos'mically *adv.* (קאַז'-מי-קעל-אי) בנוגע צום קאָסמאָס [ז. ***cosmos***]; מיט'ן זונען-אויפגאַנג.

cos'mism *n.* (קאַז'-מיזם) די פילאָזאָ-פישע שטה װעגען װעלט-אַל געגרינדעט אויף דער ענטװיקלונגס-לעהרע.

cosmocrat'ic *a.* (קאַז-מאָ-קרעט'-איק) װאָס איז שײך צו אַן אַלװעלטליכער מאָ-נאַרכיע.

cosmog'onal *a.* (קאַז-מאַג'-אָ-נעל) קאָסמאָגאָניש, װאָס איז שײך צו דער לעהרע װעגען די בעשאַפונג פון דער װעלט.

cosmogon'ic *a.* (קאַז-מאָ-גאַנ'-איק) קאָסמאָגאָניש, װאָס איז שײך צו דער לעהרע װעגען דער ענטשטעהונג פון דער װעלט.

cosmogon'ical *a.* (קאַז-מאָ-גאַנ'-איק-על) ז. ***cosmogonic***

cosmog'onist *n.* (קאַז-מאַג'-אָ-ניסט) דער װאָס בעשרײבט די ענטשטעהונג פון װעלט-אַל; דער װאָס איז בעקאַנט מיט די לעהרען װעגען די ענטשטעהונג פון דער װעלט.

cosmog'ony *n.* (קאַז-מאַג'-אָ-ני) די לעהרע װעגען די ענטשטעהונג פון דער װעלט.

cosmog'rapher *n.* (קאַז-מאַג'-רע-פער) דער װאָס שטודירט קאָסמאָגראַפיע [די בעשרײבונג פון דער ערד און הימלען].

cosmograph'ic *a.* (קאַז-מאָ-גרעפ'-איק) װאָס איז שײך צו קאָסמאָגראַפיע.

cosmograph'ical *a.* (קאַז-מאָ-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***cosmographic***

cosmograph'ically *adv.* (קאַז-מאָ-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אַ קאָסמאָגראַפי-שען אַרט, אויף'ן אַרט פון בעשרײבען די ערד מיט די שטערען און פּלאַנעטען.

cosmog'raphist *n.* (קאַז-מאַג'-רע-פיסט) ז. ***cosmographer***

cosmog'raphy *n.* (קאַז-מאַג'-רע-פי) קאָסמאָגראַפיע [בעשרײבונג און צײכנונ-גען פון דער ערד און די הימלען].

cos'molabe *n.* (קאַז'-מאָ-לײב) ז. ***astrolabe***

cosmol'atry *n.* (קאַז-מאַל'-אָ-טרי) דאָס דיענען די װעלט און איהרע ערשײנונגען אַלס אַ גאָט.

cosmolog'ic *a.* (קאַז-מאָ-לאַדזש'-איק) ז. ***cosmological***

cosmolog'ical *a.* (קאַז-מאָ-לאַדזש'-איק-על) קאָסמאָלאָגיש, װאָס איז שײך צו דער לעהרע װעגען די געזעצען װאָס הערשען אין װעלט-אַל.

cosmolog'ically *adv.* (קאַז-מאָ-לאַדזש'-אי-קעל-אי) אויף אַ קאָסמאָלאָגי-שען אַרט, לױט דער לעהרע װעגען די געזעצען, װעלכע הערשען אין װעלט-אַל.

cosmol'ogist *n.* (קאַז-מאַל'-אָ-דזשיסט) דער װאָס פאָרשט די פּראָבלעמען פון קאָס-מאָלאָגיע. ז. ***cosmology***

cosmol'ogy *n.* (קאַז-מאַל'-אָ-דזשי) קאָסמאָלאָגיע [די לעהרע װעגען װעלט-אַל, װעגען זײנע עלעמענטען און געזע-צען].

cosmom'etry *n.* (קאַז-מאַמ'-ע-טרי) װעלט-אויסמעסטונג; דאָס אויסמעסטען פון דער װעלט [דורך גראַדע, מינוטען, געאָגראַפישע לענג, געאָגראַפישע ברײט א. ד. ג.].

cosmoplas'tic *a.* (קאַז-מאָ-פּלעס'-טיק) װאָס געהערט צו דער אויסבילדונג פון דער װעלט.

cosmopol'itan *a.* and *n.* (קאַז-מאָ-פּאַל'-אי-טען) קאָסמאָפּאָליטיש; װאָס בע-לאַנגט צו דער גאַנצער װעלט; ניט פער-בונדען מיט קײן בעשטימטען אָרט; פרײ פון לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע פּאָראורטײ-לען; װאָס פיהלט זיך אין אַלע טײלען פון דער װעלט װי בײ זיך אין דער הײם; ברײט פערשפּרײט איבער דער װעלט [װי למשל, געװיסע מינים פּלאַנצונגען אָדער חיות]; אַ קאָסמאָפּאָליט, אַ װעלט-בירגער.

cosmopol'itanism *n.* (קאַז-מאָ-פּאַל'-אי-טען-איזם) ז. ***cosmopolitism***

cosmop'olite *a.* and *n.* (קאַז-מאַפּ'-אָ-לאַיט) אַלגעמײן; קאָסמאָפּאָליטיש; אַ װעלט-בירגער; אײנער װאָס איז הײ-מיש אין דער גאַנצער װעלט; אַ פּלאַנץ אָדער חיה װאָס געפינט זיך אומעטום.

cosmopolit'ical *a.* (קאַז-מאָ-פּאָ-ליט'-אי-קעל) קאָסמאָפּאָליטיש; װאָס בעלאַנגט ניט צו קײן נאַציאָן.

cosmop'olitism *n.* (קאַז-מאַפּ'-אָ-לאַי-טיזם) װעלט-בירגערשאַפט.

cosmora'ma *n.* (קאַז-מאָ-ראַ'-מאַ) אַ מין פּאַנאָראַמאַ, אין װעלכער דער צושוי-ער זעהט אַ סעריע בילדער פון לאַנדשאַפ-טען, שטעדט און געבײדען אין זײער נאַ-טירליכער גרױס.

cos'mos *n.* (קאַז'-מאַס) דער קאָסמאָס [די גאַנצע װעלט מיט די הימלען און שטערען אַלס אַ האַרמאָנישע גאַנצע].

cos'moscope *n.* (קאז'-מא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו ציינען די פאזיציאן, די בעציהונג און די בעוועגונג פון דער זון, ערד און לבנה.

cos'mosphere *n.* (קאז'-מא-ספיער) אן אפאראט וואס ציינט די פאזיציאן פון דער ערד בנוגע צו בעשטימטע שטערען.

cos'motheism *n.* (קאז'-מא-טהיע-איזם) די לעהרע, אז גאט און די וועלט איז איינע און דיזעלבע זאך; פאנטהעאיזם.

cosmothet'ic *a.* (קאז-מא-טהעט'-איק) וואס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אן אויסערליכער וועלט [עולם האצילות].

Cosne *n.* (קאון) א מין רויטער וויין [ווערט פראדוצירט אין פראנקרייך].

Cos'sack *n.* (קאס'-עק) א קאזאק.

cos'sas *n.* (קאס'-עז) אינדישער מוסלין [אזא מין דינער לייווענד].

cos'set *n. and v.* (קאס'-עט) א לעמעלע, וואס איז אויפגעהאדעוועט געווארען אהן דער מוטער; א ליעבלינג; צערטלען; איידעל ערציהען.

cost *v. and n.* (קאהסט) אויסרופען דעם פרייז [ווי אויף א בערזע]; פאדערען אדער פרעגען דעם מקח; קאסטען; זיין די אורזאכע פון א פערלוסט; דער מקח, פרייז; די אויסגאבען, הוצאות; דער ווערטה; די רעכנונג.

cos'ta *n.* (קאס'-טא) א ריפ; א ראנד, א זייט.

cos'tal *a.* (קאס'-טעל) וואס געהערט צו די ריפען אדער צום זייט פון קערפער.

cos'tate *a.* (קאס'-טייט) מיט ריפען.

cos'tated *a.* (קאס'-טיי-טעד) ז. *costate*

costean' *v.* (קאס-טיען') אונטערזוכען א שאכטע [מינע] דורך גראבען טיעפע גריבער אין דעם באדען פון דער שאכטע.

costea'ning *n.* (קאס-טיע'-נינג) דאס אונטערזוכען א שאכטע [מינע] דורך גראבען טיעפע גריבער אין באדען פון דער שאכטע.

costean'-pit *n.* (קאס-טיען'-פיט) אן אויסגעגראבענע גרוב צו אונטערזוכען דעם באדען פון א שאכטע [מינע].

cos'ter *n.* (קאס'-טער) ז. *costermonger*

cos'ter-boy *n.* (קאס'-טער-באי) א אינגעל וואס פערקויפט אין גאס פרוכט, גרינסען א. ד. ג.

cos'termonger *n. and a.* (קאס'-טער-מאנ-גער) א גאסען-פערקויפער פון פרוכט, גרינסען א. ד. ג. וואס שרייט אויס זיין סחורה; געלדזיכטיג; געמיין.

cost'-free *adv.* (קאהסט'-פריע) קאסטענפריי.

costicar'tilage *n.* (קאס-טי-קאר'-טי-לירדזש) ריפ-בראמשקע.

costif'erous *a.* (קאס-טיפ'-ע-ראס) וואס האט ריפען.

cos'tiform *a.* (קאס'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון א ריפ.

costiser'vical *a.* (קאס-טי-סויר'-ווי-קעל) וואס איז שייך צו די ריפען און האלז.

costispi'nal *a.* (קאס-טי-ספאי'-נעל) וואס האט ריפען און א רוקען-ביין [וועגען חיות].

cos'tive *a.* (קאס'-טיוו) וואס ליידט פון פערשטאפונג [עצירות]; הארטלייביג.

cos'tively *adv.* (קאס'-טיוו-לי) מיט פערשטאפונג [עצירות].

cos'tiveness *n.* (קאס'-טיוו-נעס) פערשטאפונג [עצירות].

cost'less *a.* (קאהסט'-לעס) אהן קאסטען, וואס קאסט גארניט.

cost'liness *n.* (קאהסט'-לי-נעס) טהייערקייט, קאסטשפיעליגקייט.

cost'ly *a. and adv.* (קאהסט'-לי) טהייער, קאסטשפיעליג; אויף א טהייערען, קאסטשפיעליגען אופן.
I received a costly birthday gift.

cost'mary *n.* (קאסט'-מע-רי) פרויענמינצע [א גארטען-פלאנצע וואס וואקסט אין זיד-אייראפא און האט זעהר גוט שמעקענדע בלעטער].

cost'-price *n.* (קאהסט'-פראיס) קאסטען-פרייז [קרן].
The goods were sold at cost-price.

cos'trel *n.* (קאס'-טרעל) אזא אלטע ליימענע אדער הילצערנע פלאש מיט צוויי אויערען.

cost'-sheet *n.* (קאהסט'-שיעט) א קאסטען-רעכנונג פון אן אונטערנעהמונג.

cos'tume *n.* (קאס'-טיום) א קאסטיום.

costume' *v.* (קאס-טיום') אנטהאן א קאסטיום; זיך אויספוצען אין א קאסטיום [ווי פאר א באל א. ד. ג.].

cos'tumed *a.* (קאס'-טיומד) אויסגעפוצט אין א קאסטיום.
The mourners were costumed in black.

costu'mer *n.* (קאס-טיו'-מער) איינער וואס פערפארטיגט אדער פערבארגט קאסטיומען [פאר בעלער, טעאטער א. ד. ג.].

cost what it may (קאהסט הוואט איט מיי) עס מעג קאסטען וואס עס וויל; עס מעג דונערען און בליצען.

cosupreme' *n. and a.* (קא-סו-פריעם') א מיט-רעגיערער, מיט-הערשער; מיט-הערשענד.

cosure'ty *n.* (קא-שור'-טי) א מיט-ערוב [דער וואס איז מיט נאך איינעם ערוב פאר אימעצען].

co'sy *n. and a.* (קאו'-זי) בעקוועם, ווארעם; אזא קאלפאק מיט וועלכען מען בעדעקט א טהעע-קענדעל, אז דיא טהעע זאל ניט קאלט ווערען.

cot *n.* (קאט) א דארפישעם הייזעל; א בעטעל; א וויגעלע; א שיידעלע [אויף א פינגער צו פערהיטען איהם פון א וואונד].

cotan'gent *n.* (קאו-טענ'-דזשענט) א קאטאנגענטע [א געוויסע בעציהונג צווישען די זייטען-ליניעס פון דרייעק אין טריגאנאמעטריע].

cot'-bed *n.* (קאט'-בעד) א וויגעלע.

cot'betty *n.* (קאט'-בעט-אי) א מאן אין א ספאדניצע [א מאן וואס טהוט די הויז-ארבייט פון דער פרוי].

cote *n.* (קאוט) א שעפסען-שטאל.

côtelette' *n.* (קאו-טע-לעט') א קאטלעט.

cotempora'neous *a.* (קאו-טעם-פא-ריי'-ני-אס) ז. *contemporaneous*

cotem'porary *n. and a.* (קאו-טעמ'-פא-רע-רי) ז. *contemporary*

coten'ancy *n.* (קאו-טענ'-ען-סי) דאס זיין א מיט-בעוואהנער אדער א מיט-פאכטער [פון א הויז].

coten'ant *n.* (קאו-טענ'-ענט) א מיט-בעוואהנער [אין א הויז].

co'terie *n.* (קאו'-טע-רי) א געזעלשאפט, א קרייז פון פריינד וואס פערזאמלען זיך פאר וויסענשאפטליכע אדער ליטעראַרישע אונטערהאלטונגען אדער דיסקוסיאנען.

coter'minous *a.* (קאו-טויר'-מי-נאס) ז. *conterminous*

cot'gare *n.* (קאט'-גייר) אבפאל פון וואל אדער פלאקס.

cothur'nal *a.* (קא-טהויר'-נעל) וואס איז שייך צו די קורצע שטיוועל [האלב-שטיוועל] וואס די גריכישע אדער רוימישע אקטיארען פלעגען טראגען ביים שפיעלען; טראגיש; וואס איז שייך צו דראמא.

cothur'nate *a.* (קא-טהויר'-נייט) אנגעטהאן אין קורצע שטיוועל [האלב-שטיוועל]; טראגיש.

cothur'nated *a.* (קא-טהויר'-ניי-טעד) ז. *cothurnate*

cothur'nus *n.* (קא-טהויר'-נאס) אזעלבע קורצע שטיוועל [האלב-שטיוועל] וואס די גריכישע אדער רוימישע אקטיארען פלעגען טראגען ביים שפיעלען; א טראגעדיע.

cotic'ular *a.* (קא-טיק'-יו-לער) וואס איז שייך צו א שארפשטיין; וואס איז ענהליך צו א שארפשטיין.

coti'dal *a.* (קאו-טאי'-דעל) פון גלייכער פלוט [אין בעצוג צו דער הויבונג פון וואסער אין ים וואס פערגיסט דעם ברעג יעדען טאג אין דערזעלבער צייט].

cotil'lion *n.* (קא-טיל'-יאן) קאטיליאן [א מין טאנץ]; א מין וואלענע געוואנד פון ווייס און שווארץ פאר פרויען-קליידער.

cot'land *n.* (קאט'-לענד) דאס לאנד וואס געהערט צו א הייזעל.

cot'quean *n.* (קאט'-קהוויען) א מאן וואס טהוט פרויען-ארבייט; א מאן-עהנליכע פרוי.

cotrustee' *n.* (קאו-טראס-טיע') א מיט-נאמן [דער וועלכער איז א נאמן נאך מיט איינעם].

cots'wold *n.* (קאטס'-וואולד) אן אפען גרין-בעוואקסען פעלד וואס ווערט בענוצט פאר פיטערען שעפסען.

cot'tage *n.* (קאט'-עדזש) א דארפיש אדער איינפאך הייזעל; א ניט זעהר גרויס הויז אין א זומער-פלאץ אדער אין א פארשטאדט; א הויז אין א פערגניגונגס-פלאץ.

cot'tage cheese (קאט'-עדזש טשיעז) צווארעך.

cot'taged *a.* (קאט'-עדזשד) פערבויט מיט קליינע הייזלעך.

cot'tager *n.* (קאט'-ע-דזשער) איינער וואס וואהנט אין א דארפישען הייזעל אדער אין א הויז אין א פערגניגונגס-פלאץ.

cot'ter *n.* (קאט'-ער) איינער וואס וואהנט אין א קליין דארפיש הייזעל; א קליין [א קייל] צו פערפעסטיגען א מאשינען-טייל, אז ער זאל זיצען פעסט און זאל זיך ניט דרעהען.

cot'ter-drill *n.* (קאט'-ער-דריל) אזא דריל צום בויערען לעכער וואו עס דארף אריינגעשלאגען ווערען א קליין [א קייל].

cot'tered *a.* (קאט'-ערד) צונויפגעשלאסען מיט א קליין [א קייל].

cot'terel *n.* (קאט'-ער-על) א קליין [קייל] צו בעפעסטיגען א מאשינען-טייל, ער זאל זיצען פעסט און ניט דרעהען זיך.

cot'tier *n.* (קאט'-אי-ער) איינער וואס וואהנט אין א דארפיש הייזעל.

cot'ton *n., a. and v.* (קאטן) וואטע; באוועל; באוועל-פאדים; באוועל-שטאף; באוועל-פלאנצע; געמאכט פון באוועל; ווערען פוכיג ווי וואטע; צופאסען; ווערען נאהנט; קומען אין א נאהנטע שייכות; בעקומען א ניגונג צו עטוואס.

cot'tonade *n.* (קאטנ'-אייד) דיקע באוועלנע שטאף.

cot'ton-cake *n.* (קאטנ'-קייק) דער קוכען וואס בלייבט פון די באוועל־זוימען נאכדעם ווי מען האט פון זיי אויסגעדריקט דאס אויל.

cot'ton flan'nel (קאטן פלענ'-על) באוועל־פלאנעל [אזא פוכיגער באוועל־שטאף].

cot'ton-gin *n.* (קאטנ'-דזשין) א מאשין צו רייניגען באוועל פון די באוועל־קערנער.

cot'ton goods (קאטן גודז) באוועלנע סחורה.

cot'ton-grass *n.* (קאטנ'-גרעס) וואלגראז [אזא פלאנצע וואס האט אויף זיך א וואטען־עהנליכע פוך]. ז. איל. *"Grasses and their Allies"*

cot'ton is king (קאטן איז קינג) דאס באוועל הערשט [ווענען דער הערשאפט פון די רייכע באוועל־פלאנטאטארס אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא פאר דעם בירגער־קריעג צו בעפרייען די נעגער פון שקלאפעריי].

cot'tonize *v.* (קאטנ'-איז) מאכען עהנליך צו באוועל.

cot'tonizing *n.* (קאטנ'-אי-זינג) דאס צובערייטען פלאקס אדער האנף אזוי, אז מען זאל עס קענען שפינען אויף באוועל־מאשינען.

cot'ton-lord *n.* (קאטנ'-לאהרד) א רייכער באוועל־פאבריקאנט.

cot'ton-machine' *n.* (קאטנ'-מע-שין') א מאשין צו שפינען באוועל.

cot'ton-manufac'tory *n.* (קאטנ'-מענ-יו-פעק'-טא-רי) א באוועל־פאבריק.

cot'ton-mill *n.* (קאטנ'-מיל) ז. *cotton-manufactory*

cottonoc'racy *n.* (קאטנ-אק'-רע-סי) די הערשאפט אדער פאליטישער איינפלוס פון די רייכע באוועל־פלאנטאטארס אין די זיד־שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, בעזאנדערס פאר דעם בירגער־קריעג צו בעפרייען די נעגער פון שקלאפעריי.

cot'ton-pick'er *n.* (קאטנ'-פיק'-ער) א מאשין אראבצונעהמען באוועל פון פעלד; א מאשין צום רייניגען באוועל פון שמוץ נאכדעם ווי עס איז אראבגענומען פון פעלד.

cot'ton-plant *n.* (קאטנ'-פלענט) די באוועל־פלאנצע.

Cotton-plant

cot'ton-plan'ter *n.* (קאטנ'-פלענ'-טער) איינער וואס פראדוצירט באוועל, א באוועל־פלאנטאטאר; א מאשין צום פלאנצען באוועל.

cot'ton-pow'der *n.* (קאטנ'-פאו'-דער) אן אויפרייסענדער פולווער וואס ווערט געמאכט פון שיס־וואטע.

cot'ton-press *n.* (קאטנ'-פרעס) א פרעס־מאשין צונויפצופרעסען באוועל אין פעק.

cot'ton-rush *n.* (קאטנ'-ראש) ז. *cotton-grass*

cot'ton sat'in (קאטן סעט'-אין) סאטין, באוועל־אטלאס.

cot'ton-seed *n.* (קאטנ'-סיעד) די זוימען [זאמ] פון דער באוועל־פלאנצע.

cot'ton-seed clea'ner (קאטנ'-סיעד קליע'-נער) א מאשין צום רייניגען די זוימען [זאמ] פון דער באוועל־פלאנצע.

cot'ton-seed meal (קאטנ'-סיעד מיעל) די קערנער פון דער באוועל־פלאנצע נאכדעם ווי מען האט פון זיי אויסגעדריקט דאס אויל.

cot'ton-seed oil (קאטנ'-סיעד איל) דאס אויל וואס ווערט געמאכט פון די זוימען [זאמ] פון דער באוועל־פלאנצע.

cot'ton-shrub *n.* (קאטנ'-שראב) ז. *cotton-plant*

cot'ton-stai'ner *n.* (קאטנ'-סטיי'-נער) אזא אינזעקט וואס בעפארבט די באוועל־פלאנצען אין א רויטליכען אדער געלבליכען קאליר.

Cot'ton States (קאטן סטייטס) די שטאאטען אין אמעריקא וואו עס ווערט אם מייסטען געפלאנצט באוועל [ווי אלאבאמא, מיסיסיפי א. ד. ג.].

cot'ton-sweep *n.* (קאטנ'-סהוויעפ) אזא קליינער אקער־אייזען וואס ווערט בענוצט ביי דער בעארבייטונג פון באוועל־פעלדער.

cot'tontail *n.* (קאטנ'-טייל) דער וואלד־קראליק [וואלד־קאנינכען].

cot'ton-this'tle *n.* (קאטנ'-טהיסל) אזא דארן־פלאנצע, וואס האט א ווייסען קאליר.

cot'ton-thread *n.* (קאטנ'-טהרעד) באוועלנע פאדים.

cot'ton-tree *n.* (קאטנ'-טריע) אזא קליין ביימעל וואס זיינע זוימען [זאמ] זיינען בעדעקט מיט אזא דיגעם פוך.

cot'ton vel'vet (קאטן וועל'-וועט) באוועל־סאמעט [א נאכגעמאכטער סאמעט פאבריצירט פון באוועל].

cot'ton-waste *n.* (קאטנ'-הוויסט) דער אבפאל פון באוועל ביי דער פאבריצירונג פון וואטע אדער באוועל־פאדים.

cot'tonweed *n.* (קאטנ'-הוויעד) אזא ווילד גראז וואס איז בעדעקט מיט פוכיגע הערלעך.

cot'tonwood *n.* (קאטנ'-הוואוד) אזא זארט פאפעל־בוים אין אמעריקא.

cot'ton-wool *n.* (קאטנ'-הוואול) דער רויער באוועל־פוך ווי ער ווערט אראבגענומען פון פעלד.

cot'ton-worm *n.* (קאטנ'-הווארם) דער באוועל־ווארים [אזא ווארים וואס ברייננט פיעל שאדען די באוועל־פלאנטאציעס].

cot'tony *a.* (קאטנ'-אי) ווי וואטע; פוכיג.

cot'ton-yarn *n.* (קאטנ'-יארן) ז. *cotton-thread*

cot'trel *n.* (קאט'-רעל) אזא אונטערשטעל פאר א טאפ וואס ווערט געשטעלט אויף א פייער.

cot'yla *n.* (קאט'-אי-לא) א געלענק־אויסהוילונג [די אויסהוילונג פון א געלענק־ביין וואס זעהט אויס ווי א שיסעלע].

cot'yle *n.* (קאט'-אי-לי) אזא אלטע גריכישע פליסיגקייטס־מאס; אזא קליינע טרינק־כלי; א געלענק־אויסהוילונג.

cotyle'don *n.* (קאט-אי-לי'-דאן) דאס זוימען־בלעטעל, דאס ערשטע בלעטעל וואס שפראצט ארויס פון דעם זוימען [זאמ].

cotyle'donal *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-על) וואס איז שייך צו א זוימען־בלעטעל אדער צו דעם ערשטען בלעטעל וואס שפראצט ארויס פון דעם זוימען [זאמ].

cotyle'donar *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-אר) ז. *cotyledonal*

cotyle'donary *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-איי-רי) ז. *cotyledonous*

cotyle'donous *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-אס) וואס האט זוימען־בלעטער [ווענען פלאנצען].

cotyl'iform *a.* (קא-טיל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א געלענק־אויסהוילונג, וואס האט די פארם פון א שיסעלע.

cot'yloid *a.* (קאט'-אי-לאיד) עהנליך צו א שיסעלע; עהנליך צו א געלענק־אויסהוילונג.

couch *v. and n.* (קאוטש) אוועקלעגען, זיך אוועקלעגען [צום רוהען]; לעגען אויף א בעט; זיך צונויפקארטשען [ווי א ליגענדע חיה]; זיך אנבויגען ווי אונטער א שווערער משא; זיך בעהאלטען; צווינגען זיך צו בעהאלטען; זיך צודריקען צום פלאץ, וואו מען ליגט; לעגען אין שיכטען; אויסשטיקען פיגורען אויף שטאף מיט זייד אדער מיט גאלד־בענדלעך; אנשמעלען א שפיעז ווי צום שטעכען; אויסדריקען אין ווערטער; אויסשטעכען די שטאר [א נעוויסע אפעראציע פאר אזא אויגען־קראנקהייט וואס פעראורזאכט בלינדקייט]; אויסרייסען דאס ווילדע גראז פון פעלד; א געלעגער; א קושעטקע; א רוהע־פלאץ פאר חיות; ווילד גראז.

cou'chant *a.* (קאו'-טשענט) ליגענדיג; ליגענדיג צונויפגעקארטשעט; איינגעבויגען; ליגענדיג מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ [ווענען פיגורען פון חיות אויף א הערב]; שלאפענדיג אין א פלאץ; נעפינענדיג זיך.

cou'cher *n.* (קאו'-טשער) איינער וואס מאכט אן אפעראציע אויף אן אויג וואס איז בלינד געווארען פון שטאר; א רעגיסטער־בוך פון א קארפאראציע אדער פון א קלויסטער.

couch'-fel'low *n.* (קאוטש'-פעל'-או) א שלאפקאמעראד, א מיטוואוהנער אין א צימער.

couch'-grass *n.* (קאוטש'-גרעס) ווילד גראז אויף תבואה־פעלדער.

cou'ching *n.* (קאו'-טשינג) דאס אויסשטעכען די שטאר [א נעוויסע אפעראציע פאר אזא אויגען־קראנקהייט]; דאס איינבויגען זיך; דאס אויסשטיקען אויף שטאף פיגורען מיט זיידענע אדער גאלדענע בענדלעך; דאס אויסרייסען דאס ווילד־גראז פון פעלדער; דער רוהע־פלאץ פון ווילדע חיות.

cou'ching-nee'dle *n.* (קאו'-טשינג-ניעדל) א נאדעל־פערמיגער מעדיצינישער אינסטרומענט, וואס ווערט געברויכט צו מאכען אן אפעראציע אויף שטאר [אזא אויגען־קראנקהייט וואס פעראורזאכט בלינדקייט].

couch in terms (קאוטש אין טורמז) אויסדריקען אין ווערטער, אויסדריקען אין געוויסע פארמען.

couch'less *a.* (קאוטש'-לעס) וואס האט ניט וואו דעם קאפּ צוצושפּארען, וואס האט ניט קיין בעט.

cou'gar *n.* (קוה'-גאר) דער קוגואר, דער אמעריקאנער פּאנטהער [אזא ווילדע חיה].

Cougar

cough *n. and v.* (קאהף) א הוסט; הוסטען.

cough down (קאהף דאון) אראבהוסטען [דורך הוסטען צווינגען א רעדנער אויפצוהערען ריידען].

cough'-drop *n.* (קאהפ'-דראפּ) הוסט-צוקערקעס; צוקערקעס געגען הוסטען.

cou'gher *n.* (קאה'-פער) איינער וואס הוסט.

cou'ghing *n.* (קאה'-פינג) דאס הוסטען.

cou'gouar *n.* (קוה'-גו-אר) ז. **cougar**

cou'guar *n.* (קוה'-גו-אר) ז. **cougar**

could *v.* (קוד) געקענט. ז. **can**

I could not help it; I had to speak out.

coulomb' *n.* (קוה-לאם') א קאלאמב [אן איינהייט צו מעסטען עלעקטריציטעט. א קאלאמב איז די מאס עלעקטריציטעט וואס א שטראם פון 1 אמפּער ליפערט אין 1 זעקונדע].

coul'ter *n.* (קאול'-טער) ז. **colter**

coun'cil *n.* (קאונ'-סיל) א בעראטונגס-פערזאמלונג; א בעראטונג; א קערפּערשאפט וואס איז ערוועהלט אדער בעשטימט געווארען צו שאפען געזעצע אדער צו העלפען דער רעגירונג אין דער פערוואלטונג; א געזעצגעבענדע קערפּערשאפט.

coun'cil-board *n.* (קאונ'-סיל-באורד) דער טיש, ארום וועלכען די בעראטונגס-פערזאמלונג זיצט; די בעראטונגס-קערפּערשאפט.

coun'cil-cham'ber *n.* (קאונ'-סיל-טשיים'-בער) דאס בעראטונגס-צימער.

coun'cil-house *n.* (קאונ'-סיל-האוס) דאס ראטה-הויז.

coun'cillor *n.* (קאונ'-סיל-אר) ז. **councilor**

coun'cilman *n.* (קאונ'-סיל-מען) א מיטגליעד פון א שטאדט-ראטה.

coun'cil of war (קאונ'-סיל אוו וואר) א קריעגס-ראטה.

coun'cilor *n.* (קאונ'-סיל-אר) א ראטהס-מיטגליעד; דער פּארזיצענדער פון א בעראטהונגס-פערזאמלונג.

coun'cil-proof *a.* (קאונ'-סיל-פּרוהף) טויב צו יעדען ראטה.

coun'sel *n. and v.* (קאונ'-סעל) א בעראטהונג; א ראטה; דאס נאכדענקען; איבערלעגונג; א פּלאן; אן אבזיכט; א ראטה-געבער; אן אדוואקאט; ראטהען; געבען אן עצה; לערנען; ווארענען.

coun'sel-keep'er *n.* (קאונ'-סעל-קיעפּ'-ער) א בעל סוד.

coun'sel-keep'ing *n.* (קאונ'-סעל-קיעפּ'-אינג) דאס האלטען א סוד.

coun'sellor *n.* (קאונ'-סעל-אר) ז. **counselor**

coun'selor *n.* (קאונ'-סעל-אר) א ראטה-געבער, אן אדוואקאט.

coun'selorship *n.* (קאונ'-סעל-אר-שיפּ) דאס אמט פון א ראטה-געבער.

count *v. and n.* (קאונט) צעהלען, צו-זאממענצעהלען; רעכענען, בערעכענען; פערעכענען; בעטראכטען; אננעהמען אלס...; נעהמען אין אנבעטראכט; זיך פערלאזען אויף...; האבען א ווערטה, א בעדייטונג; בעשפּרעכען א געזעצליכען פאל אין געריכט; דאס צעהלען, דאס רעכענען; די צאהל [וואס מען קריעגט רעכענענדיג אדער צעהלענדיג]; ווערטה, בעדייטונג; דער געזעצליכער קלאגע-פּונקט; אין מוזיק — דער ריטם, דאס צעהלען דעם טאקט; א גראף.

coun'table *a.* (קאונ'-טעבל) וואס מען קען צעהלען אדער אויסרעכענען.

coun'tenance *n. and v.* (קאונ'-טע-נענס) דאס געזיכט; דאס אויסזעהען; די מינע; די האלטונג; פריינדליכעס אויסזעהן; בעגינסטיגונג; אונטערשטיצונג; ערמוטערונג; פּיינעס אויסזעהן; פייגע האלטונג; בעגינסטיגען, אונטערשטיצען, ערמוטיגען; שטיצען, העלפען; זיין גוט און פריינדליך.

coun'tenancer *n.* (קאונ'-טע-נענ-סער) אן אונטערשטיצער, א בעשיצער.

coun'ter *n., v., a., adv. and prep.* (קאונ'-טער) איינער וואס צעהלט אדער רעכענט; איינער וואס שאצט אב; איינער וואס קאנטראלירט געשעפטס-ביכער, אן אויבער-בוכהאלטער; א מעכאניזם וואס צעהלט די אומדרעהונגען פון א מאשין; א זאך וואס ווערט געברויכט צו האלטען די צאהל [ווי למשל שטיקלעך מעטאל, ביין אדער האלץ וואס ווערען געברויכט אין א שפּיעל אנשטאט געלד; שפּיעל-גאלקעס]; א צאהל-טיש [א טיש אין א קראם, ביי וועלכען מען בעצאהלט פאר דער געקויפטער סחורה]; א געפענגניס פאר בעלי-חובות [אין ענגלאנד]; עטוואס וואס איז דאס געגענטייל אדער וואס ווערט ענטגעגענגעזעצט; א קאנטערטענאר [אין מוזיק]; דער טייל פון א פערד'ס ברוסט וואס איז צווישען די פּלייצעס און דעם האלז; א קאפּ [דער הינטערשטער טייל פון שוך]; א בעגעגניש, א צוזאממענשטויס; ענטפערען מיט א קלאפּ [ביי א געפעכט]; ארויפלעגען קאפּען [אויף שיך]; אנטקעגענשטעלען זיך; קומען אין צוזאממענשטויס; ענטגעגענזעצט, וואס איז דער היפוך; ניט ריכטיג; אין פערקעהרטער ריכטונג; אין געגענזאץ; געגען; געגענאיבער, פערקעהרט.

counteract' *v.* (קאונ-טער-עקט') 1. שטערען, האנדלען געגען; 2. געגענווירקען.

2. It is hard to **counteract** the evil effects of a neglected childhood.

counterac'tant *n.* (קאונ-טער-עק'-טענט) עטוואס וואס ווירקט דאגעגען אדער וואס האט א געגען-ווירקונג.

counterac'tion *n.* (קאונ-טער-עק'-שאן) געגען-ווירקונג; שטערונג; ווידערשטאנד.

counterac'tive *a.* (קאונ-טער-עק'-טיוו) ענטגעגענווירקענדיג; וואס האט א געגענווירקונג, וואס צייגט ארויס א ווידערשטאנד.

counterac'tively *adv.* (קאונ-טער-עק'-טיוו-לי) דורך געגען-ווירקונג.

coun'ter-a'gent *n.* (קאונ'-טער-איי'-דזשענט) עטוואס וואס האט א געגענווירקונג אדער וואס ווירקט אין א פערקעהרטער ריכטונג; עטוואס וואס איז א שטערונג.

coun'ter-approach' *n.* (קאונ'-טער-עפּראוטש') גריבער וואס די בעלאגערטע אין א פעסטונג מאכען אין דער ריכטונג פון די בעלאגערער, כדי אויף זיי אנצופאלען אדער זיי צו שטערען צוצוקומען צו דער פעסטונג.

coun'ter-attrac'tion *n.* (קאונ'-טער-עטרעק'-שאן) אן ענטגעגענגעזעצטע צוציהונג; א צוציהונג וואס ווירקט מיט דערזעלבער קראפט, אבער אין א פערקעהרטער ריכטונג; א צוציהונג וואס איז א געגענזאץ אין דער נאטור אדער אין דער ריכטונג; א מיטעל אבצוציהען פון עפּעס.

Playgrounds and parks are necessary in the city as **counter-attractions** to the unwholesome but attractive allurements of the streets.

coun'ter-attrac'tive *a.* (קאונ'-טער-עטרעק'-טיוו) וואס ציהט צו אין א פערקעהרטער ריכטונג אדער אויף אן ענטגעגענגעזעצטען שטייגער; וואס ציהט אב פון עפּעס.

counterbal'ance *v. and n.* (קאונ-טער-בעל'-ענס) דיענען אלס געגענגעוויכט; אויסגלייכען די וואגשאלען מיט געוויכט; אויסגלייכען; ווירקען מיט דערזעלבער קראפט; האבען דיזעלבע ווירקונג; פערנעהמען דעם פּלאץ פון...; גלייכגעוויכט; דיזעלבע מאכט, ווירקונג אדער איינפלוס.

coun'ter-bass *n.* (קאונ'-טער-בייס) דער קאנטרא-באס [אין מוזיק].

coun'ter-bat'tery *n.* (קאונ'-טער-בעט'-ער-אי) א הארמאטען-באטעריי וואס ווערט אנגעשטעלט געגען דעם שונא'ס א באטעריי.

coun'ter-bill *n.* (קאונ'-טער-ביל) א געגענוועקסעל; א געגענרעכענונג.

coun'terblast *n.* (קאונ'-טער-בלעסט) א געגען-עקספּלאזיאן, א געגען-מינע.

coun'ter-bond *n.* (קאונ'-טער-באנד) א געגען-פערזיכערונג [ווען איינער גיט ארויס א צייגניס, אז ער האט ביים צווייטען געקראגען א פערזיכערונג].

coun'terbrace *n.* (קאונ'-טער-בריים) דער אויבערשטער קוואער-שטאנג פון דעם שיף-מאסט וואס איז ניט געגען ווינד.

counterbrace' *v.* (קאונ-טער-בריים') בינדען די מאסט-שטאנגען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען.

counterbuff' *v.* (קאונ-טער-באף') צוריקשטויסען.

coun'terbuff *n.* (קאונ'-טער-באף) דאס צוריקשטויסען; א געגענשטויס, א געגענקלאפּ; א שטויס וואס שטעלט אב אדער טרייבט צוריק.

coun'terchange *n.* (קאונ'-טער-טשיינדזש) די אומבייטונג פון איין זאך אויף אן אנדערער; געגענטויש.

counterchange' *v.* (קאונ-טער-טשיינדזש') געגענטוישען [געבען און נעהמען אין טויש]; אומבייטען איין זאך אויף אן אנדערער; פערשיעדען מאכען.

coun'tercharge *n.* (קאונ'-טער-טשארדזש) א געגענקלאגע, דאס מאכען אן אנקלאגע געגען דעם אנקלאגער.

countercharge' *v.* (קאונ-טער-טשארדזש') אנקלאגען דעם אנקלאגער.

coun'tercharm *n.* (קאונ'-טער-טשארם) א געגענצויבער; דאס וואס קען געגענווירקען געגען צויבער אדער כשוף.

countercharm' *v.* (קאונ-טער-טשארם')

נעגענגעווירקען געגען איינעמס צויבער מיט דעם איינענעם צויבער; בעצויבערען דעם בעצויבערער.

coun'tercheck *n.* (קאונ'-טער-טשעק) א נעגענשטערונג, א מניעה געגען א מניעה.

countercheck' *v.* (קאונ-טער-טשעק') געגענווירקען; אבהאלטען.

coun'ter-claim *n.* (קאונ'-טער-קליים) א נעגען=טענה, דאס מאהנען פון דעם, וועלכער מאהנט.

coun'ter-cou'rant *a.* (קאונ'-טער-קוה'-ראנט) וואס לויפען אין נעגענגעזעצטע ריכטונגען [וועגען צוויי חיות וואס זיינען אויסנעמאלט אויף א הערב].

coun'ter-cur'rent *n.* (קאונ'-טער-קאר'-ענט) א נעגענשטראם; דאס לויפען אין געגענזעצליכער ריכטונג.

coun'ter-deed *n.* (קאונ'-טער-דיעד) א נעגען=אקט [א געהיימע שריפט, וועלכע איז מבטל די פריהער אנגענומענע בעשטימונג פון נעריכט].

coun'ter-drain *n.* (קאונ'-טער-דריין) א קאנאווע אדער א גראבען, וואס ציהט זיך נעבען א קאנאל, כדי אבצוציהען דאס איבריגע וואסער פון קאנאל.

counterdraw' *v.* (קאונ-טער-דראה') מאהלען אדער צייכענען אויף דורכזיכטיגען מאטעריאל, ווי דינע לייווענד, נעאוילטע פאפיער א. ד. ג.

coun'ter-ev'idence *n.* (קאונ'-טער-עוו'-אי-דענס) א נעגען=בעווייז; א בעווייז, וועלכער איז סותר דעם פאריגען בעווייז.

coun'terfeit *v., a. and n.* (קאונ'-טער-פיט) נאכמאכען, קאפירען, זיין ענליך; אונגעזעצליך נאכמאכען אדער נאכדרוקען א זאך [ווי מאכען פאלש געלד, דרוקען פאלשע ווערטה=פאפיערען]; זיך פערשטעלען, מאכען אז מען זאל מיינען וועגען איינעם אנדערש ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט; נאכגעמאכט, קאפירט; געפעלשט; פערשטעלט, היפאקריטיש; א נאכמאכונג: נאכאהמונג; א קאפיע פון אן אריגינאל; א פארטרעט; אן אונגעזעצליכע נאכמאכונג פון א זאך מיט דעם ציעל ארויסצוגעבען זי אלס אן אריגינאל [ווי פאלש געלד, פאלשע פאסטמארקען א. ד. ג.].

coun'terfeit book (קאונ'-טער-פיט בוק) א בוך וואס איז אונגעזעצליך איבערגעדרוקט געווארען.

coun'terfeit coin (קאונ'-טער-פיט קאין) פאלש געלד.

coun'terfeiter *n.* (קאונ'-טער-פיט-ער) א פעלשער [פון געלד אדער ווערטה=פאפיערען]; א פערשטעלטער מענש, א צבועק.

coun'terfeiting *n.* (קאונ'-טער-פיט-אינג) דאס מאכען פאלש געלד אדער פאלשע ווערטה=פאפיערען.

coun'terfeitly *adv.* (קאונ'-טער-פיט-לי) מעשה נאכמאכער; פערשטעלטערהייט.

coun'ter-fer'ment *n.* (קאונ'-טער-פויר'-מענט) א געגענמיטעל געגען אירען אדער געהרען [ווי א געגענמיטעל צו הייוועז].

coun'terfoil *n.* (קאונ'-טער-פאיל) דאס נעגען=בלאט אדער קאנטראל=בלאט [דער טייל פון א טשעק אדער פון אן אנדער דאקומענט, וועלכער פערבלייבט אין בוך נאכדעם ווי דעם טשעק אדער דעם דאקומענט האט מען אויסגעריסען, און אויף וועלכען עס איז פערצייכענט דאס וואס עס איז נעווען געשריבען אין דעם אויסגעריסענעם טייל].

coun'ter-force *n.* (קאונ'-טער-פאורס) געגענקראפט.

coun'terfort *n.* (קאונ'-טער-פאורט) אן אונטערשטיצונגס=באלקען, א פאדפארע; א פעלז וואס הייננט אראב פון א בארג.

coun'ter-fugue *n.* (קאונ'-טער-פיוג) די קאנטראפוגע [א געוויסע פארמע אין מוזיק, ביי וועלכער איינע און דיזעלבע מעלאדיע ווערט איבערגעזונגען פון פערשיעדענע טענער אויף פערשיעדענע אופנים].

coun'tergage *n.* (קאונ'-טער-גיידזש) דאס בעצייכענען די גרוים פון די פוגעס און פוגען=לעכער ביים צונויפשטעלען ברעטער אז זיי זאלען זיך אריינפאסען איינע אין דער אנדערער.

coun'ter-guard *n.* (קאונ'-טער-גארד) דער קאנטער=גארד [א קליינער וואל פון ערד, וואס ציהט זיך נעבען די פאדערשטע ווענד פון א פעסטונג און דיענט איהר אלס בעשיצונג].

coun'ter-in'fluence *v.* (קאונ'-טער-אינ'-פלו-ענס) נעגענווירקען; אבשטעלען אדער קאנטראלירען [א בעוועגונג פון א זאך] דורך א געגען=ווירקונג.

coun'ter-ir'ritant *a. and n.* (קאונ'-טער-איר'-אי-טענט) וואס רופט ארויס אן ענטציגדונג אדער אויפרייצונג אין א געוויסען טייל פון קערפער, כדי צו ווירקען נעגען אן ענטצינדונג אדער אויפרייצונג אין א צווייטען טייל; א מעדיצינישער מיטעל, וואס רופט ארויס אן אויפרייצונג, כדי צו ווירקען נעגען א קרענקליכען צושטאנד אין א צווייטען טייל.

coun'ter-ir'ritate *v.* (קאונ'-טער-איר'-אי-טייט) ארויסרופען אן ענטצינדונג אדער אויפרייצונג אין איין טייל פון קערפער כדי צו ווירקען נעגען די ענטצינדונג אדער אויפרייצונג אין א צווייטען טייל.

coun'ter-irrita'tion *n.* (קאונ'-טער-איר-אי-טיי'-שאן) די נעגענרייצונג.

ז. *counter-irritate*

coun'ter-jum'per *n.* (קאונ'-טער-דזשאמ'-פער) א טיש=שפרינגער [א הומאריסטישער אויסדרוק וועגען א פריקאזטשיק אדער א משרת אין א קראם].

coun'ter-lath *n.* (קאונ'-טער-לעטה) א געהילץ=לאטע געלעגט קווער אין א וואנד.

coun'ter-light *n.* (קאונ'-טער-לאיט) דאס נעגען=ליכט [ליכט=שטראהלען, וואס פאלען אויף א בילד און ווירקען אזוי, אז געוויסע פיגורען קומען צוליעב דעם ארוים ניט גוט].

coun'termand *n.* (קאונ'-טער-מענד) א בעפעהל אדער א בעשטעלונג וואס איז מבטל דעם פאריגען בעפעהל אדער בעשטעלונג; דאס צוריקרופען א בעפעהל אדער בעשטעלונג.

countermand' *v.* (קאונ-טער-מענד') 1. צוריקרופען; נעהמען צוריק א בעשטעלונג; 2. זיך שטעלען נעגען א בעפעהל דורך געבען אן אנדערען וואס איז מבטל דעם פריהערדיגען.

1. The customer countermanded the order.
2. The general countermanded his order to march.

counterman'dable *a.* (קאונ-טער-מענ'-דעבל) וואס מען קען צוריקרופען.

coun'termarch *n.* (קאונ'-טער-מארטש) ריקמארש; א פאלשטענדיגע ענדערונג אין איינעמס אויפפיהרונגען; א געוויסע ארט מושטירונגען פון סאלדאטען, ביי וועלכע די וואס שטעהען אין פראנט טרעטען אב צוריק און די וואס זיינען געשטאנען הינטען טרעטען ארוים אין פראנט.

countermarch' *v.* (קאונ-טער-מארטש) צוריק מארשירען, אבטרעטען צוריק.

coun'termark *n.* (קאונ'-טער-מארק) א צייכען וואס ווערט צוגעגעבען צו נאך א צייכען [ווי דער צווייטער אדער דריטער צייכען אויף א קאסטען סחורה, וואס בעלאנגט צו עטליכע סוחרים, אז דער קאסטען קען געעפענט ווערען נור אין דער אנוועזענהייט פון אלע אייגענטהימער]; א קאנטערמארקע; א צייכען אדער נומער אויף א מטבע, וואס בעווייזט ווען זי איז אויסגעגאסען געווארען; א געמאכטע גריבעל אין צאהן פון א פערד צו בעווייזען, אז דאס פערד איז כלומרשט אימגער ווי אין דער ווירקליכקייט.

countermark' *v.* (קאונ-טער-מארק') מאכען א צווייטען צייכען אלס א סימן פון עכטקייט; מאכען א גריבעלע אין א פערד'ס צאהן [אז מען זאל מיינען, אז עס איז אינגער].

coun'termine *n.* (קאונ'-טער-מאין) א נעגען=מינע [א מינע וועלכע ווערט געגראבען פון די בעלאגערטע כדי צוצושטערען דעם פיינד'ס מינע]; א געגען=פלאן; א געהיימער פלאן [צו ווירקען נעגען דעם שונא'ס פלאן].

countermine' *v.* (קאונ-טער-מאין') גראבען א מינע כדי אויפצורייסען דעם שונא'ס מינען; פלאנעווען אין געהיים צוצושטערען דעם נעגנער'ס פלענער.

coun'ter-mo'tion *n.* (קאונ'-טער-מאו'-שאן) א נעגען=בעוועגונג.

coun'ter-mo'tive *n.* (קאונ'-טער-מאו'-טיוו) א נעגען=מאטיוו, א נעגען=טענה.

coun'termove *v.* (קאונ'-טער-מוהוו) א נעגען=צוג, נעגען=בעוועגונג.

countermove' *v.* (קאונ-טער-מוהוו') בעוועגען אדער ציהען אין א נעגענזעצליכער ריכטונג.

coun'ter-move'ment *n.* (קאונ'-טער-מוהוו'-מענט) א בעוועגונג וואס געפינט זיך אין נעגענזאץ צו א צווייטער בעוועגונג.

coun'termure *n.* (קאונ'-טער-מיור) א נעמויערעטע וואנד וואס שטיצט אונטער א צווייטע וואנד.

countermure' *v.* (קאונ-טער-מיור') אונטערשטיצען א מויער מיט א צווייטען מויער.

coun'ter-negotia'tion *n.* (קאונ'-טער-ני-גאו-שי-איי'-שאן) אן אונטערהאנדלונג אין נעגענזאץ צו אן אנדער אונטערהאנדלונג.

coun'ter-noise *n.* (קאונ'-טער-נאיז) א נעגען=לארעם [א לארעם צו פערהילכען אן אנדער לארעם].

coun'ter-o'pening *n.* (קאונ'-טער-אופ'-נינג) א נעגען=עפענונג, אן עפענונג אין דער צווייטער זייט [בעזאנדערס אן עפענונג אין א נעשוויר נעגען דער פריהערינער עפענונג].

coun'ter-or'der *n.* (קאונ'-טער-אר'-דער) א נעגען=בעפעהל [א בעפעהל מבטל צו מאכען דעם ערשטען בעפעהל].

coun'ter-pace *n.* (קאונ'-טער-פיים) א נעגען=שריט אדער נעגען=תקנה [א תקנה אין נעגענזאץ צו אן אנדערער תקנה].

coun'terpane *n.* (קאונ'-טער-פיין) א געשטעפטע בעט=דעקע אדער קאלדרע.

coun'terpart *n.* (קאונ'-טער-פארט) דער ענטשפרעכענדער טייל [א שטיק וואס איז צוגעפאסט אדער עהנליך צו אן אנדער שטיק], א דופליקאט, א קאפיע; א געגענזייטיגעס צייגניס [ווי דער צעטעל אדער שטר, וועלכען דער קויפער גיט דעם פערקויפער, אז ער האט ביי איהם געקויפט, און דער געגען=שטר וועלכען דער פערקויפער גיט דעם קויפער, אז ער האט איהם פערקויפט]; א פערזאן אדער א זאך וואס איז פונקט עהנליך צו אן אנדערען לויט דעם אויסזעהן, כאראקטער, ווירקונג א. ד. ג.; איינער פון צוויי טיילען, וועלכע זיינען פונקט צוגעפאסט איינער צום צווייטען [ווי דער אבדרוק פון א שטעמפעל איז פונקט צוגעפאסט צום שטעמפעל אליין]; די געגען=שטימע [ווי דאס זינגען פון באס אלס געגען=שטימע צום זינגען פון דיסקאנט].

coun'ter-pas'sant *a.* (קאונ'-טער-פעס'-ענט) וואס געהען אין ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען [ווענען חיות וואס זיינען אויסגעקריצט אדער אויסגעמאהלט אויף א הערב].

coun'ter-peti'tion *n.* (קאונ'-טער-פע-טיש'-אן) א געגען=פעטיציאן [ווען א גרופע מענשען דערלאנגען א בקשה געגען א בקשה פון א פריהערדיגער גרופע].

coun'ter-plea *n.* (קאונ'-טער-פליע) א געגען=טענה; אן ערווידערונג געגען א טענה.

counterplead' *v.* (קאונ-טער-פליעד') טענה'ן פערקעהרט; אבלייקענען.

coun'ter-plot *n.* (קאונ'-טער-פלאט) א פראיעקט אדער פערשווערונג צו צושטערען די ווירקונג פון אן אנדער פראיעקט אדער פערשווערונג.

counterplot' *v.* (קאונ-טער-פלאט') מאכען א פערשווערונג געגען אן אנדער פערשווערונג.

coun'terpoint *n.* (קאונ'-טער-פאינט) דער קאנטראפונקט [די קונסט צוזאמענצושטעלען שטיקער פון מעלאדיען אזוי, אז עס זאל אויסקומען איין הארמאנישעס און מעלאדישעס גאנצע]; די קונסט פון מוזיקאלישער קאמפאזיציאן אין אלגעמיין.

coun'terpoise *n.* (קאונ'-טער-פאיז) געגען=געוויכט; דאס זיין אין גלייכגעוויכט מיט אן אנדער זאך אדער קראפט; יעדע קראפט, וואס איז גלייך צו אן אנדערער און ווירקט אין געגענזאץ צו איהר.

counterpoise' *v.* (קאונ-טער-פאיז') ווירקען אין געגענזאץ אלס גלייכע קראפט; זיין אין גלייכגעוויכט; באלאנסירען.

coun'ter-poi'son *n.* (קאונ'-טער-פאיזן) א געגען=גיפט.

counterpon'derate *v.* (קאונ-טער-פאנ'-דע-רייט) אויסגלייכען אין געוויכט.

coun'ter-prac'tice *n.* (קאונ'-טער-פרעק'-טיס) די פראקטיק אין געגענזאץ צו אן אנדער פראקטיק.

coun'ter-pres'sure *n.* (קאונ'-טער-פרעש'-אור) געגענדרוק, א קראפט וואס דריקט אין געגענזאץ צו אן אנדער גלייכען דרוק.

coun'ter-proj'ect *n.* (קאונ'-טער-פראדזש'-עקט) א געגען=פראיעקט.

coun'ter-proof *n.* (קאונ'-טער-פרוהף) א קאפיע פון א גראווירונג.

counterprove' *v.* (קאונ-טער-פרוהוו') קאפירען פון א גראווירונג.

coun'ter-revolu'tion *n.* (קאונ'-טער-רעוו-א-ליו'-שאן) א קאנטר=רעוואלוציאן [א רעוואלוציאן געגען דער פריהער געמאכטער רעוואלוציאן].

coun'ter-revolu'tionary *a.* (קאונ'-טער-רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א קאנטר=רעוואלוציאן. ז. ***counter-revolution***.

coun'ter-revolu'tionist *n.* (קאונ'-טער-רעוו-א-ליו'-שאנ-איסט) דער וואס מאכט א קאנטר=רעוואלוציאן.

coun'terroll *n.* (קאונ'-טער-ראול) אין דער אלט=ענגלישער געזעצגעבונג — א קאפיע פון קלאגען, געריכטליכע נאכפארשונגען א. ד. ג. אונטער דער אויפזיכט פון א בעשטימטען בעאמטען.

coun'ter-round *n.* (קאונ'-טער-ראונד) א גרופע אפיצירען וואס געהען ארום צו קאנטראלירען די וואך.

coun'ter-sa'lient *a.* (קאונ'-טער-סיי'-לי-ענט) וואס שפרינגען אב איינער פון צווייטען [וועגען פיגורען אויף א הערב].

coun'terscarp *n.* (קאונ'-טער-סקארפ) די אויסערליכע משופע'דיגע זייט פון א וואל פון א פעסטונג.

coun'ter-scuf'fle *n.* (קאונ'-טער-סקאפל) רייסעריי, קריגעריי.

counterseal' *v.* (קאונ-טער-סיעל') אונטער'חתמ'ען זיך צוזאמען מיט נאך איינעם.

countersecure' *v.* (קאונ-טער-סי-קיור') געבען א צווייטע זיכערהייט [ערבות].

coun'ter-secu'rity *n.* (קאונ'-טער-סי-קיו'-רי-טי) ערבות פאר אן ערב.

coun'ter-shaft *n.* (קאונ'-טער-שעפט) א וואל אדער אקס, וואס איז פערבונדען מיט דעם הויפט=וואל צו בעטרייבען מאשינען אדער מעכאניזם.

coun'tersign *n.* (קאונ'-טער-סאין) אן אונטערשריפט פון א נידריגען בעאמטען אויף א דאקומענט צו בעשטעטיגען די ריכטיגקייט פון א העכערען בעאמטען'ס אונטערשריפט; א מיליטערישער פאראל [פאסיר=ווארט].

countersign' *v.* (קאונ-טער-סאין') בעשטעטיגען מיט אן אונטערשריפט די אונטערשריפט פון א העכערען בעאמטען.

coun'ter-sig'nal *n.* (קאונ'-טער-סיג'-נעל) א געגען=סיגנאל, א סיגנאל אלס ענטפער צו אן אנדער סיגנאל.

coun'ter-sig'nature *n.* (קאונ'-טער-סיג'-נע-טשור) די אונטערשריפט פון סעקרעטער אדער פון אן אנדערען נידריגערען בעאמטען צו בעשטעטיגען די חתימה פון העכערען בעאמטען.

coun'tersink *v. and n.* (קאונ'-טער-סינק) אויסבויערען א גריבעל אין האלץ אדער אנדערע מאטעריאל [ביים ארייגדרעהען א שרויף א. ד. ג.], כדי דאס קעפעל פון שרויף זאל אויסקומען פלאך מיט'ן האלץ; דאס אויסבויערען אזא גריבעל.

coun'ter-state'ment *n.* (קאונ'-טער-סטייט'-מענט) א געגען=בעהויפטונג, א הכחשה, אן אבלייקענונג.

coun'ter-stat'ute *n.* (קאונ'-טער-סטעטש'-אוט) א געגען=סטאטוט; א געזעץ וואס ווידערשפרעכט אן אנדער געזעץ.

coun'ter-step *n.* (קאונ'-טער-סטעפ) א געגען=שריט.

coun'ter-stroke *n.* (קאונ'-טער-סטראוק) א קלאפ צוריק, א קלאפ פאר א קלאפ.

coun'ter-sure'ty *n.* (קאונ'-טער-שוהר'-טי) ערבות פאר אן ערב.

coun'ter-sway *n.* (קאונ'-טער-סהוויי) געגען=געוואלט, געגען=ווירקונג.

coun'ter-tal'ly *n.* (קאונ'-טער-טעל'-אי) א קוויטאנציע פאר אן אנדער קוויטאנציע.

coun'ter-ten'or *n.* (קאונ'-טער-טענ'-אר) א הויכער טענאר אדער אן אלטא.

coun'ter-time *n.* (קאונ'-טער-טאים) דער ווידערשטאנד פון א פערד ביי זיינע ניט=ריכטיגע בעוועגונגען, ווייל מען האט איהם שלעכט געלערענט אדער ווייל ער איז א קאפריזנער; ווידערשטאנד, אפאזיציאן.

coun'ter-trench *n.* (קאונ'-טער-טרענטש) א געגען=טראנשיי [א גראבען נעבען א פעסטונג, וועלכע די בעלאגערטע האבען אויסגעגראבען געגען דער טראנשיי (גראבען) פון די בעלאגערער].

coun'terturn *n.* (קאונ'-טער-טוירן) דער העכסטער פונקט אין דער פאנאנדערוויקלונג פון דראמאטישע האנדלונגען אין א שוישפיעל.

coun'tervail *n.* (קאונ'-טער-וויל) א געוויכט אדער קראפט וואס איז גלייך צו אן אנדער געוויכט אדער קראפט און קען איהר נעגענווירקען; פערגיטיגונג.

countervail' *v.* (קאונ-טער-וויל') ווידערשטעהן מיט דערזעלבער קראפט אדער געוויכט; דיענען אלס א גלייכע ווערטה אדער קראפט; פערגיטיגען.

countervalla'tion *n.* (קאונ-טער-וועלי'-שאן) דאס מאכען פעסטונגען ארום דעם שונא'ס פעסטונג.

coun'terview *n.* (קאונ'-טער-וויו) א מיינונג, וואס איז דער היפוך פון אן אנדער מיינונג.

coun'terweight *n.* (קאונ'-טער-הווייט) נעגען=געוויכט.

counterwheel' *v.* (קאונ-טער-הוויעל') מאכען א קאנטר=מארש, קעהרען זיך צוריק [געברויכט אין מיליטער].

counterwork' *v.* (קאונ-טער-הוואירק') ארבייטען דאגעגען; געגענווירקען; שטערען דורך א געגען=ווירקונג.

coun'terwork *n.* (קאונ'-טער-הוואירק) די ארבייט דאגעגען, געגען=ווירקונג; א זאך וואס איז געטהאן אין היפוך צו אן אנדער זאך.

coun'tess *n.* (קאונ'-טעס) א גרעפין.

coun'ting-house *n.* (קאונ'-טינג-האוס) א געשעפטס=קאנטאר.

coun'ting-room *n.* (קאונ'-טינג-רוהם) ז. ***counting-house***.

count'less *a.* (קאונט'-לעס) אונצעהלבאר, זעהר פיעל.

count'-out *a.* (קאונט'-אוט) וואס פערלירט ביי די וואהלען דורך א שווינדעל ביים צעהלען די אבגעגעבענע שטימען.

count out (קאונט אוט) בעזיעגען א קאנדידאט פאר אן אמט דורך שווינדלען ביים צעהלען די אנגעגעבענע שטימען ביי די וואהלען.

count o'ver (קאונט או'-ווער) נאכצעהלען; נאכרעכענען, קאנטראלירען א רעכענונג.

coun'trified *a.* (קאנ'-טרי-פאיד) דארפיש, בויעריש, פערגרעבט.

coun'trify *v.* (קאנ'-טרי-פאי) מאכען דארפיש אדער בויעריש [אין אויסזעהן אדער אויפפיהרונג].

coun'try *n. and a.* (קאנ'-טרי) א געגענד, א לאנד, א טעריטאריע, א פאטער=

לאנד; דער דארפישער טייל פון א געגענד; די בעפעלקערונג פון א לאנד; די ערד אדער פעלז אין א מינע, דורך וועלכער עס ציהט זיך דער מינעראל-אדער; וואס אנבעלאנגט דעם דארף; דארפיש, בויעריש, גראב.

coun'try-bred *a.* (קאַנ'-טרי-ברעד) ערצויגען אין דארף.

coun'try-dance *n.* (קאַנ'-טרי-דענס) אנגלייז [אזא טאנץ].

coun'try-gen'tleman *n.* (קאַנ'-טרי-דזשענטל'-מען) א גוטסבעזיצער, א פריץ.

coun'try-house *n.* (קאַנ'-טרי-האוס) א לאנד-הויז.

coun'try John (קאַנ'-טרי דזשאהן) א קליין-שטעדטעלדיגער נאר.

coun'trylike *a.* (קאַנ'-טרי-לאיק) דארפיש.

coun'tryman *n.* (קאַנ'-טרי-מען) א לאנדסמאן; א דארפסמאן, אן ערד-ארבייטער.

coun'try-rock *n.* (קאַנ'-טרי-ראק) א פעלז אין א מינע, דורך וועלכער עס געהט דורך א מינעראל-אדער.

coun'try-seat *n.* (קאַנ'-טרי-סיעט) די דארפס-וואהנונג פון א גוטסבעזיצער, פון א פריץ.

coun'try-side *n.* (קאַנ'-טרי-סאיד) א טייל פון א לאנד; א שטיק לאנד; א נאכבארשאפט; די בעפעלקערונג פון א טייל פון א לאנד.

coun'trywoman *n.* (קאַנ'-טרי-הוואומען) א לאנדס-פרוי; א דארפס-פרוי.

count'ship *n.* (קאונט'-שיפ) דער טיטעל גראף אדער לארד.

count the cost (קאונט טהי קאהסט) פארויס אויסרעכענען די מעגליכע אדער וואהרשיינליכע אויסגאבען און ריזיקע פון אן אונטערנעהמונג.

count'-wheel *n.* (קאונט'-הוויעל) דאס רעדעל אין א זייגער, וואס ברייננט דעם זייגער אויסצוקלינגען די שטונדען.

coun'ty *n. and a.* (קאונ'-טי) א בעצירק, אן אדמיניסטראטיווער טייל פון א לאנד אדער שטאאט [אין די אלטע צייטען — די בעזיצונגען פון א גראף אדער לארד, א גראפשאפט]; די בעפעלקערונג פון א בעשטימטען בעצירק אדער גראפשאפט; וואס איז שייך צו א בעצירק אדער גראפשאפט.

coun'ty clerk (קאונ'-טי קלוירק) דער סעקרעטער פון דער בעצירק-פערוואלטונג [ער איז אפט אויך אין דערזעלבער צייט דער סעקרעטער פון דעם בעצירק-געריכט].

coun'ty cor'porate (קאונ'-טי קאהר'-פא-רייט) א שטאדט [אין ענגלאנד און אירלאנד] וואס ווערט זעלבסטשטענדיג אדמיניסטראטיוו פערוואלטעט אונאבהענגיג פון דעם בעצירק, צו וועלכען זי בעלאנגט.

coun'ty court (קאונ'-טי קאורט) א בעצירקס-געריכט.

coun'ty pal'atine (קאונ'-טי פעל'-ע-טין) א גראפשאפט אין ענגלאנד [אין די אלטע צייטען], וואס האט געהאט בעזונדערע פריווילעגיען [דער אייגענטימער פון דיזע גראפשאפטען האט געהאט דיזעלבע מאכט וואס דער קעניג האט געהאט אין זיין פאלאץ. אזעלכע גראפשאפטען זיינען געווען דריי: לאנקאסטער, טשעסטער און דורהאם].

coun'ty rates (קאונ'-טי רייטס) שטייערען וואס די איינוואהנער פון א בעצירק צאהלען פאר בעצירק-אויסגאבען [ווי פערריכטען בריקען, תפיסות א. ד. ג.].

coun'ty-seat *n.* (קאונ'-טי סיעט) ז. *county town*.

coun'ty-town *n.* (קאונ'-טי-טאון) די הויפט-שטאדט פון א קאונטי [בעצירק, גראפשאפט].

coup *v. and n.* (קאופ) איבערקעהרען; איבערגעקעהרט ווערען; אויסקעהרען [אויסלעדיגען]; פאלען; דאס איבערקעהרען; דאס איבערקעהרען זיך; א פאל; אן אויסטויש, א האנדעל [מיט פערד און בהמות]; א וואגען-לאדונג.

coup *n.* (קוה) א קלאפ [הויפטזעכליך א שטארקער אונערווארטעטער קלאפ]; אן איבערפאל; א זיעג.

coup de grâce (קוה דע גראס) א רחמנות-קלאפ [א שטארקער קלאפ, מיט וועלכען מען טויטעט א פערווארטיילטען צום טויט אדער א פערוואונדעטע חיה, כדי ניט צו לאזען זיי מאטערען זיך]; עטוואס דורך וואס מען בעקומט אן ענטשיידענעם זיעג איבער'ן געגנער.

coup de main (קוה דע מען) אן אונערווארטעטער איבערפאל [אין מלחמה]; אן אונערווארטעטע ענטשידענע טהאט.

coup de soleil' (קוה דע סאו-לייי') זונענשטיך.

coup d'état' (קוה דיי-טא') אן אונערווארטעטע ענטשידענע ענדערונג [אין פאליטיק]; אן אונערווארטעטע איבערקעהרעניש אין די רעגיערונגס-פארמען צו גונסטען פון א פערזאן אדער פארטיי, וואס ווערט דערגרייכט דורך אונגעזעצליכע מיטלען, דורך גוואלט אדער אינטריגען.

coup de théâ'tre (קוה דע טיי-א'טר) א טעאטראלע איבערראשונג; א סענזאציאנעלע ערשיינונג אויף דער ביהנע וואס האט דעם צוועק ארויסצורופען איבערראשונג און בעוואונדערונג.

coup d'œil (קוה דוי) א בליק; אן אלגעמיינער איבערבליק; די פעהיגקייט צו מאכען אין מלחמה א שנעלען איבערבליק איבער דעם שונא'ס פאזיציעס און שנעל אויסנוצען פאר זיך דעם שונא'ס פעהלערען.

coupé' *n.* (קו-פיי') א קופע [א בעזונדערע אבטיילונג אין א וואגאן]; א וועגעל מיט צוויי זיץ-פלעצער; די פאדערשטע אבטיילונג אין א פראנצויזישער גאסען-באהן אדער דיליזשאנס; אזא בעוועגונג אין טאנצען.

coupee' *n.* (קוה-פיע') אזא בעוועגונג אין טאנצען.

coup'le *n. and v.* (קאפל) א פאר; א פארעל [א מאן און פרוי]; צוויי גלייכע, פאראלעלע קרעפטע וואס ווירקען אין נעגענגעזעצטע ריכטונגען [אזעלכע קרעפטע רופען געוועהנליך ארוים קרייז-בעוועגונגען]; צונויפפארען; בעהעפטען, פעראייניגען [איבערהויפט פארווייז]; פערהייראטען; פארען [חיות].

coup'led *a.* (קאפלד) צונויפגעפארט; פעראייניגט, צוזאמענגעשלאסען [פארווייז].

coup'ler *n.* (קאפ'-לער) איינער אדער עטוואס וואס פארט צונויף, פעראייניגט אדער שליסט צוזאמען צוויי זאכען.

coup'let *n.* (קאפ'-לעט) א קופלעט [אין פאעזיע — צוויי שורות איינע נאך די אנדערע וואס גראמען זיך].

coup'ling *n.* (קאפ'-לינג) דאס פארען; דאס פעראייניגען צוויי זאכען; דאס הייראטען; געשלעכטליכער פערקעהר; עפעס וואס ווערט בענוצט צו בעהעפטען צוויי זאכען.


Coupling-box

coup'ling-box *n.* (קאפ'-לינג - באקס) א קופעלונג-מופע [א מופע וואס פערבינדט 2 וואלען].

coup'ling-chain *n.* (קאפ'-לינג-טשיין) א פערבינדונגס-קייט, א קייט וואס בינדט צוזאמען צוויי וואגאנען.

coup'ling-link *n.* (קאפ'-לינג-לינק) א רינג וואס פעראייניגט צוויי זאכען אדער וואס פעראייניגט צוויי טיילען פון א קייט אזוי, אז מען קען זיי אבטשעפען איינעם פון דעם צווייטען.

coup'ling-strap *n.* (קאפ'-לינג-סטרעפ) אזא רימען וואס פעראייניגט צוויי פערד אין א געשפאן.

cou'pon *n.* (קו'-פאן) א קופאן, א קוויטאנציע אויף ווערטה-פאפיערען, אויף וועלכער עס זיינען בעצייכענט די פראצענטען וואס די ווערטה-פאפיערען ברייננען איין [אין בעשטימטע צייטען ווערען די קופאנען אבגעשניטען און מען קריעגט אויף זיי אויסגעצאהלט די פראצענטען]; א טייל פון א טעאטער-בילעט, וועלכער ווערט אבגעריסען; א טייל פון א לאטעריי-צעטעל; א צייכנים וואס בערעכטיגט צו עפעס.

cou'pon tick'et (קו'-פאן טיק'-עט) א בילעט, וואס בערעכטיגט אריינצוקומען אין אן אונטערהאלטונגס-פלאץ און בעשטעהט פון צוויי טיילען, איינער פון וועלכע ווערט אבגעריסען ביים אריינקומען אין דעם אונטערהאלטונגס-פלאץ.

coup the crans (קוה טהי קראן) ווערען אויסגעקעהרט, איבערגעקעהרט.

cour'age *n.* (קאר'-עדזש) מוט, טאפפערקייט, אונערשראקענהייט, ענטשלאסענהייט, דרייסטקייט.

coura'geous *a.* (קא-ריי'-דזשאס) מוטיג, טאפפער, אונערשראקען, דרייסט.

coura'geously *adv.* (קא-ריי'-דזשאס-לי) מיט מוט, מיט טאפפערקייט, מיט אונערשראקענהייט, מיט דרייסטקייט.

coura'geousness *n.* (קא-ריי'-דזשאס-נעס) דאס זיין מוטיג, טאפפער, דרייסט, אונערשראקען; מוט, טאפפערקייט.

courant' *n. and a.* (קו-רענט') א מין טאנץ; מוזיק פאר אזא טאנץ; לויפענד.

cou'rier *n.* (קו'-ריער) א קוריער, א שליח; א דיענער וואס מען שיקט פאראויס צו בעזארגען אלע בעקוועמליכקייטען פאר דעם אנקומענדען בעל-הבית.

course *n. and v.* (קאורס) לויף; גאנג; פערלויף; לויף-וועג; וועט-לויף; קאריערע; ריכטונג; ארדנונג, רייה; געוואהנהייט; געוועהנליכע, בעשטימטע ריכטונג אדער ארדנונג; קורס [בערזע-קורס, א קורס אין שטודיום א. ד. ג.]; אויפפיהרונג; מעטאדע; מיטעל; א סיסטעמאטישע רייה אדער סעריע; מאנאטליכע בלוט-רייניגונג ביי פרויען; א יאגד מיט הינט; פיהרען א יאגד; לויפען, יאגען, פערפאלגען; פליסען.

course of exchange' (קאורס אוו עקס-טשיינדזש') דער וועקסעל-קורס.

course of trade (קאורס אוו טרייד) דער גאנג פון דעם האנדעל.

cour'ser *n.* (קאור'-סער) א שנעל פערד; א קריעגס-פערד; א יעגער [מיט הינד].

cour'sing *n.* (קאור'-סינג) א יאגד מיט

היגד: די רעגולירונג פון דער לופט-רייניגונג אין שאכטען [מינען].

court *n., v. and a.* (קאורט) א הויף; א פלאץ פון א הערשער; א קורץ געסעל פערבויט פון דריי זייטען; די איינוואהנערשאפט פון א פאלאץ [דער הערשער, זיין פאמיליע און דיענערשאפט]: א געריכטס-הויז; א געריכטס-אינסטאנץ; א פערזאמלונג פון א קערפערשאפט אדער פון איהרע הויפט-מיטגליעדער; דאס אבגעבען כבוד א הערשער; העפליכקייט; די קונסט צו געפעלען; חניפה; וואס איז שייך צום הויף פון א קעניג אדער פירסט; זוכען צו געפעלען, צו געווינען חן אין יענעמס אויגען; חנפ'נען; זיך שדכ'נען, זיך ליעבען אין...; איינלאדען; שטרעבען צו ערווערבען; אויסדריקען ליעבע.

court'-bred *a.* (קאורט'-ברעד) ערצויגען אין קעניגליכען הויף; וואס האט עלעגאנטע מאניערען.

court'-card *n.* (קאורט'-קארד) א שפיעל-קארט מיט א פיגור [מלך, מלכה, אונטער].

court'-chap'lain *n.* (קאורט'-טשעפ'-לען) א הויף-פרעדיגער, א גלח אין א קעניגליכען אדער פירסטליכען הויף.

court'-cupb'oard *n.* (קאורט'-קאב'-ארד) א בופעט, א קרעדענץ-טיש.

court'-day *n.* (קאורט'-דיי) א געריכטס-טאג, א טאג, ווען דאס געריכט איז אפען.

court'-dress *n.* (קאורט'-דרעס) הויף-קליידער [וואס מען טראגט ביי געוויסע צערעמאניעס אין קעניגליכען הויף].

cour'teous *a.* (קויר'-טי-אס) העפליך; פריינדליך; גוטמוטיג.

cour'teously *adv.* (קויר'-טי-אס-לי) מיט העפליכקייט; מיט פריינדליכקייט; אויף א גוטמוטיגען שטייגער.

cour'teousness *n.* (קויר'-טי-אס-נעס) העפליכקייט, פריינדליכקייט, גוטמוטיגקייט.

cour'ter *n.* (קאור'-טער) איינער וואס שטרעבט צו געווינען חן אין אימעצענס אויגען דורך שמייכלעריי און חניפות; איינער וואס שדכ'ט זיך.

cour'tesan *n.* (קויר'-טי-זען) א קורטיזאנקע [א פראסטיטוטקע].

cour'tesanship *n.* (קויר'-טי-זען-שיפ) פראסטיטוציאן.

cour'tesy *n.* (קויר'-טי-סי) העפליכקייט; שעהנע, עלעגאנטע מאניערען; פריינדליכקייט, גוטמוטיגקייט, אויפמערקזאמקייט, נעפעלינקייט, בעגינסטיגונג; אלגעמיינע צושטימונג; עטוואס וואס איז אנגענומען אלס מנהג [אין געגענזאץ צו זאכען וואס ווערען בעשטימט פון געזעץ].

courte'sy *n. and v.* (קוירט'-סי) א קניקס; מאכען א קניקס [זיך פערנייגען איינבויגענדיג דערביי די קניע].

cour'tezan *n.* (קויר'-טי-זען) ז. *courtesan*.

cryptol'ogy *n.* (קריפ-טאל'-א-דזשי) שיפער=כתב, ציפער=שריפט, געהיימע שפראך.

cryp'tonym *n.* (קריפ'-טא-נים) א געהיימער נאמען [א נאמען וואס איינער האט אין א געהיימע געזעלשאפט א. ד. ג.].

crys'tal *n. and a.* (קריס'-טעל) קריסטאל, קריסטאל=גלאז; אין כעמיע און מינעראלאגיע — א קריסטאל [א הארטער פיעלקאנטיגער און סימעטריש געבויטער קערפער, וועלכער בילדעט זיך אויס דורך די מאלעקולארע בעוועגונג פון שטאף. די איינפאכסטע טיילעכלעך פון זאלץ, צוקער, גראניט א. ד. ג. זיינען קריסטאלען]; פון קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג.

crys'tal-form *a.* (קריס'-טעל-פארם) קריסטאל=פערמיג, אין דער פארם פון א קריסטאל.

crys'tal-glass *n.* (קריס'-טעל-גלעס) קריסטאל=גלאז.

crystal'lic *a.* (קריס-טעל'-איק) וואס איז שייך צו קריסטאל אדער צו קריסטאליזירונג.

crystallif'erous *a.* (קריס-טע-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קריסטאלען.

crys'tallin *n.* (קריס'-טע-לין) איי=ווייסער שטאף וואס געפינט זיך אין דער קריסטאל=לינז פון אויג; אין כעמיע — אנילין [א פעטליכע זעהר גיפטיגע פליסיגקייט וואס געפינט זיך אין טער (דזעגעכץ) פון שטיין=קויהלען].

crys'talline *n. and a.* (קריס'-טע-לין) וואס בעשטעהט פון קריסטאל; וואס איז שייך צו קריסטאלען אדער צו קריסטאליזירונג; וואס האט זיך אויסגעבילדעט דורך קריסטאליזאציאן; וואס איז עהנליך צו קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג; א פעלז וואס האט זיך אויסגעבילדעט טיילווייז אדער אינגאנצען דורך קריסטאליזאציאן. ז. *crystallization*.

crys'tallisable *a.* (קריס'-טע-לאי-זעבל) ז. *crystallizable*.

crystallizabil'ity *n.* (קריס-טע-לאי-זע-ביל'-אי-טי) דאס קענען קריסטאליזירט ווערען.

crys'tallizable *a.* (קריס'-טע-לאי-זעבל) וואס קען קריסטאליזירט ווערען. ז. *crystallization*.

crystalliza'tion *n.* (קריס-טע-לי-זיי'-שאן) קריסטאליזאציאן [א פראצעס וואס בעשטעהט דעריז, וואס די מאלעקולען פון א פליסיגען שטאף אדער גאזען נעהמען אן בעשטימטע, רעגעלמעסיגע קריסטאל=פארמען, ווען זיי פערדיכטען זיך דורך אבקיהלונג אין א פעסטען קערפער]; די קריסטאליזירטע מאסע.

crys'tallize *v.* (קריס'-טע-לאיז) קריסטאליזירען; זיך קריסטאליזירען; אננעהמען רעגעלמעסיגע, בעשטימטע פארמען. ז. *crystallization*.

crys'tallizer *n.* (קריס'-טע-לאי-זער) דאס וואס ווירקט אויף דער קריסטאליזירונג פון א זאך.

crystallog'raphy *n.* (קריס-טע-לאג'-רע-פי) קריסטאלאגראפיע [די לעהרע וועגען קריסטאלען, וועגען זייער אויסבילדונג און פארמען].

crys'talloid *n. and a.* (קריס'-טע-לאיד) וואס איז עהנליך צו א קריסטאל; איינע פון די שטאפען [ווי זאלץ, צוקער א. ד. ג.], וועלכע קענען דורכגעהען דורך א דיקע צייג, ווי פארמעט=פאפיער, ווען זיי זיינען פאנאנדערגעלאזען אין א פליסיגקייט; שטאף פון איי=ווייס אין דער פארם פון א קריסטאל, וואס געפינט זיך אין צעלע פון א פלאנצע.

crystallol'ogy *n.* (קריס-טע-לאל'-א-דזשי) קריסטאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען די קערפערס אין דער אונארגאנישער נאטור אויף וויפיעל זיי בילדען זיך אויס אין דער פארם פון קריסטאלען].

crys'tallotype *n.* (קריס'-טע-לא-טאיפ) א מין פאטאגראפיע אויף גלאז.

cry the bans (קראי טהי בענז) אויסרופען אין קירך די נעמען פון פערלאבטע [חתן=כלה], מיט דעם ציעל טאמער וועט זיך ארויסרופען איינער וואס האט א טענה געגען דעם שידוך; אויסשרייען וויפיעל מען באט אן אויף אן אויקציאן.

cry to (קראי טו) רופען צו... זיך בעטען ביי אימעצען.

cry up (קראי אפ) אויף א קול אויסלויבען, ריהמען אימיצען; מעהר אנבאטען, טרייבען פרייזען אין דער הויך אויף אן אויקציאן [ליצעטאציע].

cry wolf (קראי הוואולף) א פאלשע טרעוואגע מאכען.

C. S. A. ראשי תבות פון די ווערטער *Confederate States of America*

cten'oid *n. and a.* (טענ'-איד) קאמארטיג, ווי א קאם [בנוגע צו געוויסע פיש, ביי וועלכע דער רוקען איז אויסגעזעצט מיט שטאכלען ווי א קאם אדער דאס מויל איז אויסגעזעצט מיט צייהנער ווי א קאם]; א פיש פון דיעזען מין.

ctenoi'dean *a.* (טע-נאי'-די-ען) וואס איז שייך צו דעם מין פיש, ביי וועלכע דער רוקען איז בעזעצט מיט שטאכלען אין דער פארם פון א קאם.

Ctenoi'dei *n.* (טע-נאי'-די-אי) דער מין פיש, ביי וועלכע דער רוקען איז בעזעצט מיט שטאכלען אין דער פארם פון א קאם.

ctenoi'dian *a.* (טע-נאי'-די-ען) ז. *ctenoidean*.

cub *n. and v.* (קאב) א יונגע פיערפיסיגע חיה [מייסטענס א יונגער בער, וואלף, פוקס]; א שטאל פאר בהמות; א קאסטען, א זאסיק; א געשיר=אלמער; א גראבער יונג, א מוזשיק; א יונגער רעפארטער; קינדלען [ביי חיות].

cu'bage *n.* (קיו'-בעדזש) ז. *cubature*.

Cu'ban *n. and a.* (קיו'-בען) וואס איז שייך צו קובא [איינער פון די גרויסע וועסט=אינדישע אינזלען]; א געבארענער אדער א בירגער פון קובא.

cuba'tion *n.* (קיו-ביי'-שאן) ז. *cubature*.

cu'bature *n.* (קיו'-בע-טשור) דאס אויסגעפינען די קוביק=מאס פון א קערפער.

cub'by *n. and a.* (קאב'-אי) קליין, אבער זעהר בעקוועם; אן אלקערעל, א צימערעל; א שטרויענער קארב וואס מען טראגט צוגעבונדען צום רוקען.

cub'byhole *n.* (קאב'-אי-האול) אן אלקערעל, א צימערעל; זעהר א קליין שטיבעלע.

cub'by-house *n.* (קאב'-אי-האוס) א קליין שטיבעלע וואס קינדער בויען אויף צום שפיעלען זיך.

cube *n. and v.* (קיוב) א קוב [א רעגעלמעסיגער קערפער, וואס האט זעקס גלייכע קוואדראט=זייטען]; די קוביק=צאהל [א צאהל וואס מען בעקומט ווען מען כפל'ט א צאהל דריי מאל אויף זיך אליין; 125 איז דער קוב פון 5, 27 — פון 3]; כפל'ען א צאהל דריי מאל אויף זיך אליין, ווי 5×5×5=125.



Cube

cu'beb *n.* (קיו'-בעב) קובעבע [א מין פעפער, וואס וואקסט אין אסט=אינדיען און דיענט אלס רפואה צו געוויסע קראנקהייטען].

cube'-ore *n.* (קיוב'-אור) ארסעניק=זויערעס אייזען [א מין מינעראל, וואס קריסטאליזירט זיך אין קובישע קריסטאלען מיט א גרינליכען קאליר].

cube root (קיוב רוהט) דער קוביק=ווארצעל [די צאהל, וואס ווען זי ווערט גע'כפל'ט דריי מאל אויף זיך אליין, בילדעט זי א קוב, ווי 3 איז דער קוביק=ווארצעל פון 27, 5 איז דער קוביק=ווארצעל פון 125].

cube'-spar *n.* (קיוב'-ספאר) גיפס וואס האט אין זיך ניט קיין וואסער.

cu'bic *n. and a.* (קיו'-ביק) וואס האט די פארם פון א קוב; וואס קען געמאסטען ווערען אין דער לענג, אין דער הויך און אין דער ברייט; אין מאטעמאטיק — א קובישע גלייכונג.

cu'bica *n.* (קיו'-בי-קא) א לייכטער, פיינער וואל=שטאף.

cu'bical *a.* (קיו'-בי-קעל) וואס איז שייך צו א קוב; קוב=פערמיג. ז. *cube*.

cu'bical foot (קיו'-בי-קעל פוט) א קוביק=פוס [א מאס וואס איז איין פוס אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך].

cu'bically *adv.* (קיו'-בי-קעל-אי) אין דער פארם פון א קוב; בנוגע צו א קוב.

cu'bicalness *n.* (קיו'-בי-קעל-נעס) דאס זיין אין דער פארם פון א קוב. ז. *cube*.

cu'bical num'ber (קיו'-בי-קעל נאמ'-בער) א קוביק=צאהל [א צאהל וואס ווערט גע'כפל'ט אויף זיך דריי מאל].

cubic'ular *n. and a.* (קיו-ביק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א שלאפצימער; פרי־וואט; א קאמער־הערר.

cubic'ulum *n.* (קיו-ביק'-יו-לאם) א קליין אונטעראירדיש צימערל צו בע־האלטען טויטע, א קאטאקאמב; א בעזונ־דערע אבטיילונג פון א קירך, וואו מען בעהאלט טויטע.

cu'biform *a.* (קיו'-בי-פארם) וואס האט די פארם פון א קוב.

cu'bit *n.* (קיו'-ביט) אן עלענבויגען; עלענבויגען־ביין; אן אייל [א מאס, 18—22 צאל, געברויכט אין עגיפטען, רוים א. ד. ג.].

cu'bital *a.* (קיו'-בי-טעל) וואס איז שייך צום עלענבויגען; וואס האלט אן אייל אין דער לענג.

cu'bit-fash'ion *adv.* (קיו'-ביט-פעשען) מעסטענדיג מיט'ן אייל [די לענג פון האנד פון עלענבויגען ביז דער האנד־פלע־כע].

cub'less *a.* (קאב'-לעס) קינדערלאז.

cu'bo-cube *n.* (קיו'-באו-קיוב) אין מאטעמאטיק — דער קוב פון א קוב [א צאהל וואס איז זעקס מאל גע'כפל'ט גע־ווארען אויף זיך אליין, ווי למשל, 64 איז דער קוב פון א קוב פון 2].

cu'boid *a. and n.* (קיו'-באיד) וואס איז ענהליך צו א קוב; אין אנאטאמיע — איינער פון די ביינער פון פוס־טריט.

cuboi'dal *a.* (קיו-באי'-דעל) וואס איז ענהליך צו א קוב.

cu'bomancy *n.* (קיו'-בא-מענ-סי) א מין נביאות־זאגען אדער כשוף דורך ווער־פעןביינדלעך.

cuck'ing-stool *n.* (קאק'-אינג-סטוהל) א שטראף־שטוהל פאר שלעכטע ווייבער אדער אונאנשטענדיגע סוחרים, אין מיטעל־אלטער [דעם בעשולדיגטען פלעגט מען צובינדען צו א שטוהל און ארויסשטעלען צו שאנד פאר'ן עולם. אפט פלעגט מען דעם שטוהל מיט דעם צוגעבונדענעם מענ־שען אראבלאזען אין וואסער].

cuck'old *n. and v.* (קאק'-אלד) אן אב־געגנארטער מאן [וואס די פרוי איז איהם אונטריי]; א מאן פון אן אויסגעלאסענער פרוי; ברענגען שאנדע אויף'ן מאן דורך דער אונטרייהייט פון דער פרוי.

cuck'oldom *n.* (קאק'-אל-דאם) דאס זיין אן אבגענארטער מאן, דאס זיין א מאן פון אן אויסגעלאסענער פרוי.

cuck'oldry *n.* (קאק'-אלד-רי) טרייפלא־זיגקייט פון א פרוי צו א מאן.

cuck'oo *n.* (קוק'-אוה) דער קוקוק [אזא פויגעל וואס לאזט ארויס ביים שרייען דעם קלאנג "קוקו"]; א נאר.

Cuckoo

cuck'oo-flow'er *n.* (קוק'-אוה-פלאו'-ער) די קוקוק־בלום.

cuck'oo-pint *n.* (קוק'-אוה-פינט) אזא פלאנצע.

cuck'oo-song *n.* (קוק'-אוה-סאנג) אן אלטע, אויסגעדראשענע געשיכטע.

cuck'oo-spit *n.* (קוק'-אוה-ספיט) דער קוקוק־שפייז, אזא פליסיגקייט, וואס איי־ניגע אינזעקטען לאזען ארויס פון זייערע קערפער אויף פלאנצען; אן אינזעקט וואס טיילט אויס דיעזע פליסיגקייט פון קערפער.

cuck'oo-spit'tle *n.* (קוק'-אוה-ספיטל) ז. *cuckoo-spit*.

cucul'late *a.* (קיו-קאל'-אייט) בעדעקט מיט א קאפושאן, מיט א קאלפאק אדער מיט א מיצעל.

cucul'lated *a.* (קיו-קאל'-איי-טעד) ז. *cucullate*.

cucul'lus *n.* (קיו-קאל'-אס) א קאפו־שאן, א קאלפאק, א מיצעל; די טיילען פון קאפ ביי חיות אדער די אויבערשטע טיילען פון בלומען וואס זעהען אויס ווי א קאלפאק.

cu'cumber *n.* (קיו'-קאם-בער) אן או־גערקע.

Cucumber

cu'cumiform *a.* (קיו'-קיו-מי-פארם) וואס זעהט אויס ווי אן אוגערקע.

cucur'bit *n.* (קיו-קויר'-ביט) א קאלבע [אזא גלעזערנע כלי פון א כעמיקער] וואס זעהט אויס ווי א קירבים; א קיר־בים־פערמיגע כלי; א פלאנצע פון דעם קירבים [ארבוז]־מין.

cucurbita'ceous *a.* (קיו-קויר-בי-טיי'-שיאס) קירבים־ארטיג [וועגען פלאנצען].

cucur'bite *n.* (קיו-קויר'-ביט) ז. *cucurbit*.

cucur'bitive *a.* (קיו-קויר'-בי-טיוו) וואס זעהט אויס ווי א קירבים־קערענדעל [הויפטזעכליך וועגען ווערים].

cud *n.* (קאד) די שפייז, וואס קומט צו־ריק ארויף פון פארערשטען מאגען אין מויל און ווערט נאך אמאל איבערגעקייעט [ביי חיות וואס זיינען מעלה גרה].

The cow is one of the animals that chew the cud.

cud'bear *n.* (קאד'-בעהר) א מין פלאנצע פון וועלכער מען מאכט א מין פורפור־פארב; דער רויטער אינדיגא, א פולווער צום פארבען [וואס ווערט גענומען פון דער דערמאהנטער פלאנצע].

cud'den *n.* (קאדן) דער קויהל־פיש.

cud'dle *v. and n.* (קאדל) ארומנעהמען, צערטלען; זיך צוטוליען; אומארמונג.

cud'dy *n.* (קאד'-אי) אן עזעל; א נאר; א קלאון; אזא העבעל אדער בראך־שטאנג אויפצוהייבען שטיינער; אן עס־צימער אויף א שיף פאר די העבערע, שיפס־בע־אמטע און די פאסאזשירען פון ערשטער און צווייטער קלאסע; א קיך אויף באר־זשעס; א שפייז־קאמער; א שפייז־שראנק; א קויהל־פיש.

cudg'el *n. and v.* (קאדזש'-על) א קור־צער, גראבער שטעקען, א דראנג [גענוצט אלס וואפען]; שלאגען [הויפטזעכליך, שלאגען מיט א דראנג].

cudg'eler *n.* (קאדזש'-על-ער) איינער וואס שלאגט מיט א שטעקען.

cudg'eling *n.* (קאדזש'-על-אינג) דאס שלאגען מיט א שטעקען.

cudg'eller *n.* (קאדזש'-על-ער) ז. *cudgeler*.

cudg'elling *n.* (קאדזש'-על-אינג) ז. *cudgeling*.

cudg'el one's brains (קאדזש'-על וואנז ברעינז) זיך צוברעכען דעם קאפ [טראכטענדיג וועגען עפעס].

cudg'el-play *n.* (קאדזש'-על-פליי) א געווינטער מין געפעכט מיט שטעקלעך.

cudg'el-proof *a.* (קאדזש'-על-פרוהף) וואס עס נעהמט איהם קיין קלאפ ניט.

cud'weed *n.* (קאד'-הוויעד) א מין פלאנ־צע, פון וועלכער מען מאכט א מין פור־פור־פארב; דער רויטער אינדיגא. ז. *cudbear*.

cue *n.* (קיו) עטוואס [ביי חיות]; אן עק [ווי א לאק האר]; א ביליארד־שטעקען; מענשען וואס ווארטען אויף זייער רייה [אקטערען]; די ווער־טער צו ענדע פון איין אקטיאר'ס רעדע, וואס דיענען אלס צייכען פאר א צווייטען אקטיאר, אז ער דארף אנהויבען צו ריי־דען; נאטעס, וואס האבען דערמאהנען צוועק ביי זינגער אדער שפיעלער; די ראַ־לע, די בעשטימטע האנדלונג; שטימונג; א וואונק, אן אנצוהערעניש; דער נאמען פון דעם בוכשטאב q; עטוואס וואס איז ווייניג ווערטה; א קליינע צאהל אדער מאס.

cue'-ball *n.* (קיו'-באהל) א ביליארד־באל וואס מען האט א שטויס געטהאן מיט'ן ביליארד־שטעקען [אין געגענזאץ צו די איבריגע].

cue'ist *n.* (קיו'-איסט) א ביליארד־שפיעלער.

cue'-rack *n.* (קיו'-רעק) א געשטעל פאר ביליארד־שטעקענס.

cuer'po *n.* (קהווער'-פאו) דאס לייב, דער קערפער; קליידער וואס מען טראגט ביים לייב.

cuff *n. and v.* (קאף) א קלאפ מיט דער אפענער האנד אדער מיט'ן פויסט; א מאנ־זשעט; דער גענוק, דער נאקען; שלאגען; פאטשען.

cuf'fy *n.* (קאפ'-אי) א שפאטישער נא־מען פאר נעגערס אין אמעריקא.

cuin'age *n.* (קהווינ'-עדזש) דאס אויס־גיסען צין אין שטיקער.

cuirass' *n.* (קהווי-ראס') א קיראסע, א פאנציר, וואס בעדעקט די ברוסט און דעם רוקען]; א ברוסט־שילד [ביי געווי־סע חיות].

cuirassier' *n.* (קהווי-רע-סיער') א קי־ראסיר [א רייטענדער סאלדאט בעפאנ־צערט מיט א ברוסט־שילד].

cuish'es *n.* (קהוויש'-עז) א פאנצער, איי־בערהויפט אויף די היפטען [קלובעם].

cuisine' *n.* (קהווי-זין') א קיך; די קיך־אבטיילונג פון א הויז אדער האטעל; די מעטאדע פון קאכען.

That hotel is noted for its cuisine.

cuiss'es *n.* (קהווים'-עז) ז. *cuishes*.

cul'-de-sac' *n.* (קוהל'-דע-סעק') א זאק־געסעל [א געסעל וואס איז אפען נאר פון איין זייט]; א פאסטקע; א חלל [אן אויסהוילונג] אין קערפער וועלכע איז אפען פון איין זייט; די לאגע פון אן ארמעע וועלכע איז ארומגערינגעלט פון פיינד.

culic'iform *a.* (קיו-לים'-אי-פארם) וואס זעהט אויס ווי א מיק [קאמארע].

cu'linary *a.* (קיו'-לי-נע-רי) קולינאריש, וואס איז שייך צו דער קיך אדער צו דער

קונסט פון קאכען; וואס ווערט געברויכט אין קיך אדער ביים קאכען.
She was mistress of all culinary secrets.

cu'linary salt (קיו'-לי-נע-רי סאהלט) קאכזאלץ.

cull *v. and n.* (קאל) זאמלען, קלייבען; אויסקלייבען; אבגעקליבענעס; א נאר, א תם.
The volume is a collection of poems culled from the ancient poets.

cul'lender *n.* (קאל'-ען-דער) א זייער, א פילטער, א זיפ.

cul'ler *n.* (קאל'-ער) איינער וואס קלייבט אוים.

cul'let *n.* (קאל'-עט) שטיקלעך צובראכענע גלאז.

cull'ing *n.* (קאל'-אינג) דאס אויסקלייבען; דאס אויסגעקליבענע.

cul'lis *n.* (קאל'-אים) א רעגען=רינע אויף א דאך.

cul'ly *n.* (קאל'-אי) א יאלד, איינער וועמען מען קען לייכט איינריידען אדער אבנארען.

cul'lyism *n.* (קאל'-אי-איזם) תמ'עוואטקייט.

culm *n.* (קאלם) פסולת פון שטיין=קויהלען; אן ערגערער זארט אנטראציט=קויהלען; דינע קויהלען; א גראז=שטענגעל.

culmif'erous *a.* (קאל-מיפ'-ער-אס) אויף וועלכען עס וואקסען פוסטע גראז=שטענגלעך; וואס ענטהאלט קויהלען=שטויב.

cul'minal *a.* (קאל'-מי-נעל) וואס אנבעלאנגט צום העכסטען פונקט; העכסט.

cul'minant *a.* (קאל'-מי-נענט) וואס דערגרייכט דעם העכסטען פונקט.

cul'minate *v. and a.* (קאל'-מי-נייט) שטעהן אין'ם מערידיאן, דערגרייכען די גרעסטע הויך [וועגען שטערען]; דערגרייכען די העכסטע שטופע, דעם העכסטען שפיץ; וואס וואקסען אין דער הויך [וועגען קאראלען].

cul'minating *a.* (קאל'-מי-ניי-טינג) דורכשניידענד דעם מערידיאן, זייענד אויף'ן העכסטען פונקט [וועגען שטערען]; דערגרייכענד די העכסטע שטופע.

culmina'tion *n.* (קאל-מי-ניי'-שאן) 1. קולמינאציאן [ווען א שטערען דערגרייכט דעם מערידיאן]; 2. דער העכסטער פונקט, דער שפיץ; די עררייכונג פון דעם העכסטען פונקט.
2. Having reached the culmination of his career, one blunder destroyed his popularity.

culot'tism *n.* (קיו-לאט'-איזם) די פרינציפען אדער דער איינפלוס פון די העכערע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

cul'pa *n.* (קאל'-פע) א פערזעהן, א טעות.

culpabil'ity *n.* (קאל-פע-ביל'-אי-טי) שולדינקייט; טאדעלהאפטינקייט.

cul'pable *a.* (קאל'-פעבל) שולדיג; וואס פערדיענט טאדעל.
Apparently no one was culpable for the accident.

cul'pableness *n.* (קאל'-פעבל-נעס) ז. *culpability*.

cul'pably *adv.* (קאל'-פע-בלי) אויף א טאדעלס=ווערטהען אופן.

cul'patory *a.* (קאל'-פע-טא-רי) וואס בעשולדיגט, וואס טאדעלט.

cul'prit *n.* (קאל'-פריט) איינער וואס ווערט בעשולדיגט אין א פערברעכען; א פערברעכער.

cult *n.* (קאלט) דער קולט, די רעליגיעזע פארמען, מנהגים; גאטעסדיענסט; פערגעטערונג פון א מענשען אדער זאך; די פערעהרונג; די פערזאן אדער זאך וואס ווערט פערגעטערט אדער פערעהרט.

cultch *n.* (קאלטש) די איקרע, די אייערלעך פון אויסטערען; דער גרונט פון ים, וואו אויסטערען געפינען זיך.

cul'tivable *a.* (קאל'-טי-וועבל) וואס קען קולטיווירט אדער בעארבייט ווערען.

cul'tivatable *a.* (קאל'-טי-וויי-טעבל) וואס קען בעארבייט ווערען; פעהיג צו ענטוויקלונג.

cul'tivate *v.* (קאל'-טי-וויט) 1. בעאקערען, בעארבייטען; 2. אויסבילדען, פערעדלען [דעם גייסט], ציוויליזירען; 3. שטארק איבערגעבען זיך צו עטוואס [ווי צו א קונסט=זאך א. ד. ג.].
1. He is cultivating land. 2. You should cultivate your taste for poetry. 3. History is to be loved and cultivated for its own sake.

cul'tivated *a.* (קאל'-טי-וויי-טעד) בעארבייט [וועגען ערד]; קולטיווירט; ערצויגען, אויסגעבילדעט, ענטוויקעלט פערפיינערט, אויסגעבעסערט.

cultiva'tion *n.* (קאל-טי-וויי'-שאן) ערד=בעארבייטונג; קולטיווירונג, ענטוויקלונג, אויסבילדונג; דאס פראדוצירען פון פלאנצען און תבואות; דאס זיין ענטוויקעלט, געבילדעט, גוט ערצויגען אדער פערפיינערט.

cul'tivator *n.* (קאל'-טי-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ציוויליזירט, ערציהט, ענטוויקעלט, פערפיינערט אדער בילדעט אוים; איינער וואס בעארבייט די ערד; איינער וואס גיט זיך ספּעציעל אב מיט עפעס מיט דעם צוועק עס אויסצובעסערען אדער ענטוויקלען; אזא אקער=מאשין.



Cultivator

cul'trate *a.* (קאל'-טרייט) שארף=קאנטיג און שפיציג; וואס איז פון איין זייט דיק און פון דער אנדער זייט שארף [ווי א מעסער].

cul'trated *a.* (קאל'-טריי-טעד) ז. *cultrate*.

cul'triform *a.* (קאל'-טרי-פארם) שארף=קאנטיג און שפיציג; וואס האט די פארם פון א שארף=ווינקעלדיגען דריי=עק, אין וועלכען איין זייט איז קירצער ווי די איבריגע [וועגען קערפער=טיילען ביי חיות].

cultriv'orous *a.* (קאל-טריוו'-א-ראס) שלינגענדיג מעסערס [מאכענדיג קונצען].

cul'turable *a.* (קאל'-טשור-עבל) וואס מען קען קולטיווירען אדער בעארבייטען [וועגען ערד]; וואס קען אויסגעבילדעט, ענטוויקעלט, פערפיינערט אדער ערצויגען ווערען.

cul'tural *a.* (קאל'-טשור-על) וואס אנבעלאנגט צו קולטור אדער קולטיווירונג; ציוויליזירט.

cul'ture *n. and v.* (קאל'-טשור) דאס בעארבייטען די ערד; דאס קולטיווירען [חיות און איבערהויפט פלאנצען, מעהרסטענטייל מיט דעם צוועק ארויסצובריינגען נייע, בעסערע מינים]; קולטור; דאס קולטיווירען; דאס ציוויליזירען; ענטוויקלונג, אויסבילדונג, אויפקלערונג, פערפיינערונג; קולטיווירען, בעארבייטען די ערד; ערציהען, אויסבעסערען, אויסבילדען, ענטוויקלען, פערפיינערען.

cul'tured *a.* (קאל'-טשורד) קולטיווירט, געבילדעט, ענטוויקעלט.

cul'tureless *a.* (קאל'-טשור-לעס) ניט קולטיווירט, ניט ציוויליזירט, ניט געבילדעט, ניט ענטוויקעלט, ניט ערצויגען.

cul'turist *n.* (קאל'-טשור-איסט) איינער וואס בעארבייט די ערד; איינער וואס גיט זיך אב מיט עפעס [הויפטזעכליך מיט דעם צוועק עס אויסצובעסערען אדער צו ענטוויקלען, ווי מינים חיות אדער פלאנצען]; איינער וואס גלויבט אין דער נויטוועדינקייט צו פערשפרייטען בילדונג און אויפקלערונג; איינער וואס גלויבט, אז ניט די רעליגיאן, נאר די בילדונג איז די הויפט זאך אין דער מענשליכער ציוויליזאציאן.

cultur'kampf *n.* (קול-טור'-קאמפף) קולטור=קאמפף, דער קאמפף וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון דער דייטשער רעגיערונג [הויפטזעכליך אונטער ביסמארק] נעגען דער אריינמישונג פון דער קאטוילישער קירך אין די ענינים פון ערציהונג און רעגיערונג.

cul'tus *n.* (קאל'-טאס) א קולט, א סיסטעם פון א רעליגיעזען גלויבען און פערגעטערונג.

cul'ver *n.* (קאל'-ווער) א טויב; א קאנאנע וואס איז געברויכט געווארען אין דעם 16טען יאהרהונדערט [אבקירצונג פון *culverin*].

cul'verin *n.* (קאל'-ווער-אין) אזא קאנאנע וואס איז געברויכט געווארען אין 16טען יאהרהונדערט.

cul'vert *n.* (קאל'-ווארט) אן אונטעראירדישער רינשטאק; אן אונטעראירדישער וועג אדער קאנאל; א רינע.

cul'vertail *n.* (קאל'-וואיר-טייל) א שוואלבען=עק [אזא מין צונויפשליסען ברעטער אדער קלעצער, ווען א קליינער ארויסגעשטארצטער טייל פון איינער וואס איז ענליך צו א דריי=עק, קומט אריין אין אן אויסשניט פון דער צווייטער].

cul'vertailed *a.* (קאל'-וואיר-טיילד) געשלאסען דורך שוואלבען=עקען [וועגען ברעטער אדער קלעצער]. ז. *culvertail*.

cum'bent *a.* (קאם'-בענט) ליעגענדיג.

cum'ber *v. and n.* (קאם'-בער) בעלעסטיגען, פערוואלגערען, פערצאמען; שטערען, אבהאלטען; צוטומלען, אנטהאן צרות; א שטערונג, פערלעגענהייט, צרות.

cum'bersome *a.* (קאם'-בער-סאם) בעלעסטיגענד, שטערענדיג; שווער; צרה'דיג; אונבעקוועם; אומגעלומפערט.
The society has a cumbersome system of administration.

cum'bersome goods (קאם'-בער-סאם גודז) סחורות, וואס פערנעהמען צופיעל פלאץ.

cum'bersomely *adv.* (קאם'-בער-סאם-לי) אויף אן אומגעלומפערטען, אונבעקוועמען אופן; מיט שווערקייט; מיט צרות.

cum'bersomeness *n.* (קאם'-בער-סאם-נעס) דאס זיין בעלעסטיגענד, שווער, צרה'דיג, אומגעלומפערט אדער אונבעקוועם.

cum'brous *a.* (קאם'-בראס) בעלעסטיגענד, שטערענדיג, שווער, אונבעקוועם, אומגעלומפערט; וואס פעראורזאכט אונאנגענעהמליכקייטען אדער צרות.

cum'brously *adv.* (קאם'-בראס-לי) אויף א בעלעסטיגענדען, שטערענדען, אונבעקוועמען אדער אומגעלומפערטען שטייגער; מיט אונאנגענעהמליכקייטען, מיט צרות.

cum'brousness *n.* (קאמ'-בראס-נעס) ז. *cumbersomeness*

cum'frey *n.* (קאמ'-פריי) ז. *comfrey*

cum'in *n.* (קאמ'-אין) קימעל; קי-מעל-פלאנצע.

Cumin

cum'inol *n.* (קאמ'-אי-נאל) קי-מעל-אויל.

cum'min *n.* (קאמ'-מין) ז. *cumin*

cu'mulate *v.* (קיו'-מיו-לייט) אנ-קלייבען, אנזאמ-לען, צונויפנעהמען, אנווארפען.

cumula'tion *n.* (קיו-מיו-ליי'-שאן) אנזאמלונג; א הוי-פען; עפּוואס וואס איז אנגעזאמעלט אדער אנגעווארפען אין א הויפען; דאס פערהאנדלען אין גע-ריכט וועגען עטליכע קלאגען מיט איין מאל.

cu'mulative *a.* (קיו'-מיו-לע-טיוו) אנ-געזאמעלט ביסלעכווייז; וואס קומט צו, וואס בילדעט א מאסע.

cu'mulative ac'tion (קיו'-מיו-לע-טיוו עק'-שאן) אין מעדיצין — די פלוצ-ליכע ווירקונג פון א רפואה, נאכדעם ווי מען האט איהר געגומען אלע אין קליינע דאזען, וואס יעדערע בעזונדער האט קיין בעדייטענדע ווירקונג נים געמאכט.

cu'mulative ar'gument (קיו'-מיו-לע-טיוו אר'-גיו-מענט) אן ארגומענט [א ראיה אין א ויכוח], וועלכער בעשטעהט פון עטליכע בעזונדערע ראיות און אלע צוזאמען פערשטארקען די בעהויפּטונג.

cu'mulative ev'idence (קיו'-מיו-לע-טיוו עוו'-אי-דענס) דער בעווייז פון אן עדות, וועלכער בעשטעהט פון עטליכע טיילען און אלע צוזאמען פערשטארקען דעם בעווייז פיעל מעהר איידער יעדער טייל בעזונדער.

cu'mulatively *adv.* (קיו'-מיו-לע-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון אנזאמלען ביס-לעכווייז; אנקלייבענדיג אלץ מעהר און מעהר.

cu'mulative offense' (קיו'-מיו-לע-טיוו א-פענס') א פערברעכען וואס בע-שטעהט פון א רייהע קרימינעלע טהא-טען פון דעמזעלבינען ארט, וואס זיינען געשעהען אין דעמזעלבינען טאג אדער אין בעזונדערע טעג.

cu'mulative sen'tence (קיו'-מיו-לע-טיוו סענ'-טענס) אזא אורטהייל פון גע-ריכט, וואו דער בעשולדיגטער איז פער-משפט צו צאהלען עטליכע געלד-שטראפען מיט אמאל אדער אויסזיצען מיט איין מאל עטליכע סראקען אין טורמע פאר עטליכע קרימינעלע טהאטען פון דעמזעלבען ארט.

cu'mulative vo'ting (קיו'-מיו-לע-טיוו וואו'-טינג) די סיסטעם פון וועהלען, ביי וועלכער יעדער וועהלער האט אזוי פיעל שטימען, וויפיעל מענשען עס דאר-פען זיין אויסגעקליבען אויף דיזען אמט, און דער וועהלער האט דאס רעכט אוועק-צוגעבען אלע זיינע שטימען פאר איין מענשען.

cu'mulose *a.* (קיו'-מיו-לאוס) פול מיט הויפענס, פול אנגעזאמעלט.

cu'mulo-stra'tus *n.* (קיו'-מיו-לאו-סטריי'-טאס) אזא פארם פון א וואלקען, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר אנגעזעצטע וויסע בערגלעך אדער קופּעס, וואס ליע-גען אין שיכטען איינע אויף די אנדערע.

cu'mulous *a.* (קיו'-מיו-לאס) וואס האט די פארם פון א וויסען זומער-וואלקען.

cu'mulus *n.* (קיו'-מיו-לאס) א וויסער זומער-וואלקען [א וואלקען, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר אנגעזעצטע קופּעס אדער בערגלעך].

cunab'ular *a.* (קיו-נעב'-יו-לאר) וואס איז שייך צום וויגעל אדער צו דער קינד-הייט.

cu'neal *a.* (קיו'-ני-על) וואס האט די פארם פון א קליין.

cu'neate *a.* (קיו'-ני-אייט) ז. *cuneal*

cu'neated *a.* (קיו'-ני-איי-טעד) ז. *cuneal*

cu'neately *adv.* (קיו'-ני-אייט-לי) אין דער פארם פון א קליין.

cu'neiform *n. and a.* (קיו'-ני-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א קליין; וואס שטודירט דעם קליין-פערמיגען שריפט [כתב היתדות] פון די אלטע כאלדעער; א קליין-פערמיגער בייז.

Cuneiform

cunette' *n.* (קיו-נעט') א קאנאווע, וואס ציהט אב וואסער; א טיפער גראבען ארום א פעסטונג.

cun'ner *n.* (קאנ'-ער) א מין ברויז-בלוילינכער פיש [געפינט זיך נעבען אט-לאנטישען ברעג פון די פעראייניגטע שטאאטען].



Cunner

cun'ning *n. and a.* (קאנ'-אינג) פע-הינקייט; קענטשאפט; געניטקייט; כיט-רעקייט; די נאטירליכע פעהיגקייט אדער דער אינסטינקט פון א חיה צו עפּעס; פע-היג; געניט; כיטרע; פיקאנט, צוציהענד.

cun'ningly *adv.* (קאנ'-אינג-לי) מעשה קענער; דורך כיטרעקייט; אויף א פיקאנ-טען, צוציהענדען שטייגער.

cun'ning-man *n.* (קאנ'-אינג-מען) א טרעפער, א זנאכער.

cun'ningness *n.* (קאנ'-אינג-נעס) דאס זיין פעהיג אדער כיטרע.

cun'ning snap (קאנ'-אינג סנעפּ) א כיטרער יונג, א דורכגעטריבענער קערל.

cun'ning-wom'an *n.* (קאנ'-אינג-וואומ'-ען) א טרעפעריו, א זנאכערקע.

cup *n. and v.* (קאפּ) א טאס, א בעכער, א קובאק; א באנקע; א טרונק; אין קע-סעל פון א דאמפּף-מאשין — איינע פון די קאלפּאקעס וואס ווערען בענוצט צו פערגרעסערען די היצונג; שטעלען באנ-קעס; בעלעגט ווערען מיט באנקעס.

cup'-bear'er *n.* (קאפּ'-בעהר'-ער) א בעדיענטער ביי א שמחה וואס דערלאנגט די געסט וויין און אנדערע משקאות; אין אמאליגע צייטען — אן אנגעשטעלטער אין די קעניגליכע הויפען אדער ביי אדעליגע, וואס האט בעדארפט פערזוכען דעם וויין, איידער ער האט איהם דערלאנגט צום טיש [שר המשקים].

cup'board *n. and v.* (קאב'-אוירד) אן אלמער פאר געשיר אדער שפּייז; א בו-פעט; די קאלעקציאן זילבערנע, גאלדענע אדער גלעזערנע כלים וואס געפינט זיך אויף א בופעט; האלטען אין אן אלמער; אנזאמלען.

cup'board love (קאב'-אוירד לאוו) עגאאיסטישע ליעבע, אהבה שתלויה בדבר.

cu'pel *n. and v.* (קיו'-פעל) א קליין שי-סעלע פון אש פון איבערגעברענטע ביינער, אין וועלכער מען שמעלצט גאלד אדער זילבער אום אבצוטיילען עס פון בליי; לייטערען מעטאלען אין אזא שיסעלע.

cupella'tion *n.* (קיו-פע-ליי'-שאן) דאס אבריינינגען גאלד און זילבער פון'ם בליי דורך שמעלצען אין א שיסעלע וואס ווערט געמאכט פון ביינער-אש.

cup'ful *n.* (קאפּ'-פול) א פולער בעכער; די מאס פליסיגקייט וואס א בעכער אדער קובאק ענטהאלט אין זיך.

cup'-horse *n.* (קאפּ'-הארס) א לויף-פערד, וואס האט געקראגען דעם פרייז אין וועט-לויפען.

Cu'pid *n.* (קיו'-פיד) דער גאט פון ליעבע [אין דער רוימישער מיטאלאגיע].

cupid'ity *n.* (קיו-פיד'-אי-טי) א שטאר-קער חשק [צו געלד אדער מאכט]; א שטארקער געלוסט; גייציגקייט.

cup'-love *n.* (קאפּ'-לאוו) עגאאיסטישע ליעבע.

cup of sor'rows (קאפּ אוו סאר'-אוז) דער בעכער פון יסורים, צרות.

cu'pola *n.* (קיו'-פא-לא) א קופּאל, דער האלב-רונדער דאך פון א געביידע.

cupped *a.* (קאפּט) וואס זעהט אויס ווי א בעכער.

cup'per *n.* (קאפּ'-ער) דער וואס שטעלט באנקעס.

cup'ping *n.* (קאפּ'-אינג) דאס שטעלען באנקעס.

cup'ping-glass *n.* (קאפּ'-אינג-גלעס) א באנקעס-גלעזעל וואס א רופא שטעלט.

cu'preous *a.* (קיו'-פרי-אס) וואס איז שייך צו קופּער; עהנליך צו קופּער; וואס ענטהאלט קופּער; פון א קופּער-קאליר.

cu'pric *a.* (קיו'-פריק) וואס האט די איינגעשאפטען פון קופּער; וואס נעהמט זיך פון קופּער.

cuprif'erous *a.* (קיו-פריפ-ע-ראס) וואס גיט ארויס אדער ענטהאלט קופּער.

cu'prite *n.* (קיו'-פּראיט) רויטער קופּער; קופּער-ערץ.

cu'prous *a.* (קיו'-פּראס) ז. *cupric*

cu'prum *n.* (קיו'-פּראם) קופּער [כעמי-שער אויסדרוק].

cups *n.* (קאפּס) דאס טרינקען פער-שכור'ענדע משקאות; שכרות.

cup'-shaped *a.* (קאפּ'-שייפּט) וואס האט די פארם ווי א בעכער.

cup'-shot *a.* (קאפּ'-שאט) מלא, שכור'לעך.

cu'pulate *a.* (קיו'-פיו-לייט) וואס זעהט אויס ווי א בעכער.

cu'pule *n.* (קיו'-פיול) א רונדער חלל אדער אויסהוילונג; א בעכער-פערמיגער טייל [אין פלאנצען].

cup'-valve *n.* (קאפּ'-וועלוו) א גלא-קען-ווענטיל [אין א דאמפּף-מאשין].

cur *n.* (קויר) א הונד; א געמיינער, אֶל-טער הונד; אן אונערצויגענער יונג, א לומפּיגער מענש.

curabil'ity *n.* (קיור-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען געהיילט אדער פערבעסערט ווערען.

cur'able *a.* (קיור'-עבל) וואס קען אויס-געהיילט אדער פערבעסערט ווערען.

cur'ableness *n.* (קיור'-עבל-נעס) ז. *curability*

cur'ably *adv.* (קיור'-ע-בלי) היילבאר; דורך א היילבארען מיטעל.

curaçao' *n.* (קוה-רע-סאו') אזא געטראנק [שנאפס געווירצט מיט אפעלסין-שא-לעכץ].

curaçoa' *n.* (קוה-רע-סאו') אזא געטראנק [שנאפס געווירצט מיט אפעלסין-שא-לעכץ].

cu'racy *n.* (קיו'-רע-סי) דער אמט פון א קוראט. ז. ***curate***

cura'ra *n.* (קו-רא'-רא) ז. ***curari***

cura're *n.* (קו-רא'-רי) ז. ***curari***

cura'ri *n.* (קו-רא'-רי) א שווארצליכע גיפטיגע זאפט פון געוויסע דרום-אמעריקאנישע בוימער [דיענט צו פערגיפטען פיילען ביי די דארטיגע פעלקער].

curas'sow *n.* (קו-רעס'-או) דער האקא-הוהן [אזא שעהנער גרויסער פויגעל וואס געפינט זיך אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא. ער איז פון א דונקעל-וויאלעטען קאליר מיט א גרינליכען גלאנץ אויף'ן קאפ און מיט א ווייסען בויך].

Curassow

cu'rate *n.* (קיו'-רעט) דער קוראט [א גלח פון נידריגען ראנג].

cu'rateship *n.* (קיו'-רעט-שיפ) ז. ***curacy***

cu'rative *n. and a.* (קיו'-רע-טיוו) היילענד; א רפואה.

cu'ratively *adv.* (קיו'-רע-טיוו-לי) דורך היילונג.

cura'tor *n.* (קיו-ריי'-טאר) א קוראטאר [אן אויפזעהער פון א מוזעאום, ביבליאטעק א. ד. ג.]; אן אפעקוו, אן אפטרופוס.

cura'torship *n.* (קיו-ריי'-טאר-שיפ) דער אמט פון א קוראטאר [אן אויפזעהער פון א מוזעאום, ביבליאטעק א. ד. ג.]; אפטרופסות.

curb *n. and v.* (קירב) א צוים [פון א פערד]; עטוואס וואס האלט צוריק אדער קאנטראלירט; א רייה שטיינער ביי א וועג אדער ביי א טראטואר; א געלענדער ארום א ברונעם; א צודעק פון א קעסעל; א געשווילעכטס אויף א פערד'ס פוס; האלטען אין צוים; איינהאלטען, קאנטראלירען; בעפעסטיגען אדער בעשיצען מיט א געלענדער, מיט א וואנד אדער מיט אנגעשאטענער ערד אדער שטיינער.

cur'bable *a.* (קירב'-בעבל) וואס קען איינגעהאלטען ווערען, וואס קען איינגעצוימט ווערען.

curb'-bit *n.* (קירב'-ביט) דאס אייזען-טעל פון צוים ביים פערד אין מויל.

curb'-chain *n.* (קירב'-טשיין) א קייט, וואס דארף איינהאלטען די בעוועגונג פון א מעכאניזם.

curb'ing *n.* (קירב'-אינג) שטיינער ביי דער זייט פון א טראטואר.

curb'less *a.* (קירב'-לעס) אהן א צוים.

The teacher unfortunately had a curbless temper.

curb'-roof *n.* (קירב'-רוהף) א געבראכענער דאך אדער א מאנסארדען-דאך [א משופע'דיגער דאך, וועלכער האט צווייערליי קראקוועס מיט א באלקען אין מיטען].



Curb-roof

curb'stone *n.* (קירב'-סטאון) א שטיין אדער א רייה שטיינער וואס שפארען עפעס אונטער; א רייה שטיינער ביי א טראטואר.

curb'stone bro'ker (קירב'-סטאון בראו'-קער) א בערזען-מעקלער, וואס פערקויפט [מייסטענטיילס אין גאס ביי דער בערזע] ווערטה-פאפיערען, וואס זיינען ניט אנערקענט אפיציעל פון דער בערזע.

curch *n.* (קארטש) א טיכעל, א פאטשיילע; א פרויען-הויב אדער קאפושא.

curcu'lio *n.* (קויר-קיו'-לי-או) אזא זשוק.

cur'cuma *n.* (קויר'-קיו-מע) א פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסט דער אינדישער זאפראן.

cur'cuma-pa'per *n.* (קויר'-קיו-מע-פיי'-פער) פאפיער אנגעזאפט מיט אן עקסטראקט פון אינדישען זאפראן [ווערט בענוצט צו פרובירען אלקאלי. דורך דעם אלקאלי בעקומט דאס פאפיער ברוינע פלעקען].

curd *n. and v.* (קוירד) [פון] צווארעך [פון מילך] וואס מען מאכט קעז; די פערדיכטעטע טיילען פון וועלכער ניט איז פליסיגקייט; פערדיכטען; פערוואנדלען אין צווארעך; פערדיכטעט ווערען; פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך.

cur'diness *n.* (קויר'-די-נעס) דאס ווערען צווארעך; דאס ווערען פערדיכטעט.

cur'dle *v.* (קוירדל) פערדיכטעט ווערען; פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך [וועגען מילך]; פערדיכטען; פערגליווערען; מאכען צווארעך.

The milk curdled because it was not fresh.

cur'dy *a.* (קויר'-די) פול צווארעך; ווי צווארעך; מיט פערדיכטעטע טיילען [וועגען פליסיגקייטען].

cure *n. and v.* (קיור) קורירען, היילען, אויסהיילען; בעזאלצען; איינזאלצען, טריקענען אדער זייערען; קורירונג, היילונג, דאס אויסהיילען; א היילונגס-מיטעל; דאס אמט פון א קוראט [א גלח פון נידריגען ראנג אין די ענגלישע און אירלאנדישע קירכען].

cure'-all *n.* (קיור'-אהל) א מיטעל פאר אלע קראנקהייטען.

cure'less *a.* (קיור'-לעס) אונהיילבאר.

cur'er *n.* (קיור'-ער) איינער וואס קורירט; א דאקטאר; איינער וואס זאלצט איין, טריקענט אדער זייערט איין [זאכען, ווי זאלצען גיט קאליע ווערען].

cur'few *n.* (קויר'-פיו) דאס קלינגען פון אבענד אין די שטעדט און דערפער אין מיטעלאלטער, אלס צייכען, מען זאל אויסלעשען די ליכט; די צייט פון דיזען קלינגען [געוועהנליך אום 8 אוהר אבענד]; דער גלאק, מיט וועלכען מען פלעגט אויסקלינגען דיזע ווארנונג; א קאלפאק איבער א ליכט.

cur'few-bell *n.* (קויר'-פיו-בעל) דער אבענד-גלאק. ז. ***curfew***

Cu'ria *n.* (קיו'-רי-א) די פאפסטליכע קוריע [דעם פאפסט'ס מאכט, דעם פאפסט'ס רעגיערונג, דעם פאפסט'ס הויף].

cu'ria *n.* (קיו'-רי-א) א קוריע, א טייל פון דער רוימישער בעפעלקערונג אין די אלטע צייטען [די גאנצע רוימישע בעפעלקערונג איז אפיציעל געווען איינגעטיילט אין דרייסיג קוריען]; א וואהל-קוריע [אן אבטיילונג אין וועלכער א געוויסער טייל פון דער בעפעלקערונג פון גלייכען פערמעגענס-צענז אדער נאציאנאליטעט וועהלט]; די געביידע, וואו א רוימישע קוריע פלעגט זיך פערזאמלען; א שטאדט-סענאט אין די אמאליגע שטעדט אין איטאליען [אין געגענזאץ צום רוימישען סענאט]; אין מיטעלאלטער — א געזעצגעבענדע אדער אדמיניסטראטיווע קערפערשאפט, א געריכט.

cu'rialism *n.* (קיו'-רי-על-איזם) די פאליטישע סיסטעם פון דער פאפסטליכער קוריע. ז. ***Curia***

curialis'tic *a.* (קיו-רי-ע-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו דער פאליטישער סיסטעם פון דער פאפסטליכער קוריע. ז. ***Curia***

cu'rio *n.* (קיו'-רי-או) אן אנטיק; א זעלטענהייט; אן אנטיקען-זאמלונג; קליינע פערציערונגען.

curios'ity *n.* (קיו-רי-אס'-אי-טי) 1. נייגעריגקייט; 2. א קוריאזיטעט; אויסגעצייכנטקייט; אבענטייערליכקייט; א זעלטענהייט; א מערקווירדיגקייט.

1. He asked questions as a matter of curiosity.

curios'ity-shop *n.* (קיו-רי-אס'-אי-טי-שאפ) אן אנטיקען-קראם.

curio'so *n.* (קיו-רי-או'-סאו) א זאמלער פון אנטיקען; איינער וואס איז גוט בעקאנט מיט אלטערטימליכקייטען; א קענער אין קונסט-זאכען; א ווירטואז.

cu'rious *a.* (קיו'-רי-אס) 1. נייגעריג; פארשענד; 2. זאנדערבאר, מאדנע; זעלטען; פיין, קינסטלעריש אויסגעארבייט.

1. I am curious to know the truth about the affair. 2. The admiral wore a curious uniform.

cu'riously *adv.* (קיו'-רי-אס-לי) מיט שטיינער; מיט עלעגאנץ, מיט קונסט; אויף א זאנדערבארען, זעלטענעם אופן.

cu'riousness *n.* (קיו'-רי-אס-נעס) קוריאזיטעט, זאנדערבארקייט; נייגעריגקייט.

curl *n. and v.* (קוירל) דאס לאק; דאס וואס קרייזעלט זיך, א ספיראל; א מין קראנקהייט פון געוויסע פרוכט-בוימער, דורך וועלכער די בלעטער ווערען צונויפגעקארטשעט און פערוועלקט; קרייזלען [האר], דרעהען, פלעכטען; זיך דרעהען אין דער פארם פון א ספיראל.

curl down (קוירל דאון) צוטולען זיך [צו א ווינקעל], איינבייגען זיך, סטארען זיך צו זיין אונבעמערקבאר.

cur'ler *n.* (קויר'-לער) דער אדער דאס וואס קרייזעלט.

cur'lew *n.* (קויר'-ליו) דער בראך-פויגעל [אן איירעפאאישער און אן אמעריקאנישער זומפ-פויגעל מיט הויכע פיס און זעהר א לאנגען שנאבעל].



Curlew

cur'liness *n.* (קויר'-לי-נעס) דאס קרייזלען זיך.

cur'ling *n.* (קויר'-לינג) א געוויסער שפּיעל אין שאָטלאַנד, וואו די שפּיעלער גליטשען איבער'ן אייז גרויסע און גלאַטע שטיינער צו געוויסע פונקטען און אין געוויסע ריכטונגען.

cur'ling-i'ron *n.* (קויר'-לינג-אַי'-ערן) אן אייזערנער צווענגעל, וועלכען מען ברענט אַן צו קרייזלען די האָר.

cur'ling-tongs *n.* (קויר'-לינג-טאָנגז) ז. ***curling-iron***

curl of the lip (קוירל אָוו טהי ליפּ) א לייכטער פעראַכטונגס־שמייכעל.

cur'ly *a.* (קויר'-לי) לאָקיג, געקרייזעלט.

cur'ly-head'ed *a.* (קויר'-לי-העד'-עד) וואָס האָט געקרייזעלטע האָר.

cur'ly-pate *n.* (קויר'-לי-פּייט) איינער וועלכער האָט געקרייזעלטע האָר.

cur'ly-pa'ted *a.* (קויר'-לי-פּיי'-טעד) ז. ***curly-headed***

curmudge'on *n.* (קויר-מאַדזש'-אַן) א קמצן, א קאַרגער מענש.

curmudge'only *a.* (קויר-מאַדזש'-אַנ-לי) קאַרג, ווי א קאַרגער יונג.

cur'rant *n.* (קאַר'-ענט) א וויינפּערל; אזא ראָזשינקע אָהן א ביינדעל.

cur'rency *n.* (קאַר'-ענ-סי) גאַנגבאַרקייט, צירקולאַציאָן [פון געלד אָדער סחורות]; דאָס גאַנגבאַרע געלד אין א לאַנד; דער קורס; פערשפּרייטונג.

cur'rent *n. and a.* (קאַר'-ענט) א שטראָם; א שטרעמונג [א גרויסע מאַסע וואַסער אָדער לופט וואָס בעוועגט זיך אין א געוויסער ריכטונג]; דער קורס, דער גאַנג [פון צייט אָדער פון געשעהענישען]; די אַלגעמיינע שטימונג, די אַנגענומענע טענדענץ; שטרעמענד; גאַנגבאַר; פערשפּרייט; אַלגעמיין אַנגענומען; צירקולירענד.

cur'rent ar'ticles (קאַר'-ענט אַר'-טיקלז) גאַנגבאַרע סחורות, קוראַנטע אַרטיקלען.

cur'rent-brea'ker *n.* (קאַר'-ענט-בריי'-קער) דער שטראָם־אונטערברעכער [אן אַפּאַראַט, מיט וועלכען מען אונטערברעכט דעם גאַנג פון אן עלעקטרישען שטראָם].

cur'rently *adv.* (קאַר'-ענט-לי) אין אַלגעמיין, בכלל; אָהן אן אָבשטעל; אָהן אן אויפהער.

cur'rent-me'ter *n.* (קאַר'-ענט-מיע'-טער) אן אַפּאַראַט צו מעסטען די שנעלקייט פון א שטראָם; אן אינסטרומענט צו מעסטען די קראַפט פון אן עלעקטרישען שטראָם.

cur'rentness *n.* (קאַר'-ענט-נעס) דאָס פליסען; שטרעמיגקייט; גאַנגבאַרקייט.

cur'rent price (קאַר'-ענט פּראַיס) דער היינטיגער מקח.

cur'rent-reg'ulator *n.* (קאַר'-ענט-רעג'-יו-ליי-טאָר) אן אַפּאַראַט צו רעגולירען דעם גאַנג פון אן עלעקטרישען שטראָם.

cur'rent report' (קאַר'-ענט רי-פּאָורט') א קלאַנג, א סלוך, דאָס וואָס מען רעדט.

There is a report current that war will soon be declared.

cur'ricle *n. and v.* (קאַר'-איקל) א צוויי־רעדערדינער וואָגען, געשפּאַנט מיט צוויי פערד; פאָהרען אין א צוויי־רעדערדיגען וואָגען.

curric'ulum *n.* (קאַ-ריק'-יו-לאָם) א לעהר־קורס; א בעשטימטער קורס פון למודים, וועלכע מען נעהמט דורך אין אן אוניווערזיטעט און אין אַנדערע העכערע שולען.

cur'rier *n.* (קאַר'-אי-ער) א גאַרבער.

cur'riery *n.* (קאַר'-אי-ער-אי) גאַרבעריי; א גאַרבאַרניע [די פאַבריק וואו מען בעאַרבייט פעל].

cur'rish *a.* (קויר'-איש) הינטיש, בייסיג, אַנגעכמורעט, בורטשענדיג.

cur'rishly *adv.* (קויר'-איש-לי) הינטיש, מעשה הונד; בורטשענדיג.

cur'rishness *n.* (קויר'-איש-נעס) פערביסענקייט, הינטישע דרכים; בורטשעניש.

cur'ry *v. and n.* (קאַר'-אי) קראַצען און קעמען א פערד; אונטערלעקען זיך, חנפ'ענען; בעאַרבייטען פעל; אַנשלאָגען אימעצען, אָבשמייסען; קאַרי־זופּ [אן אינדישע זיסע געדיכטע זופּ געקאָכט פון פלייש, פיש, פרוכטען, אייער, אינגבער, פעפער און אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע מען עסט מיט געקאָכטע רייז]; דאָס קאָכען קאַרי־זופּ.

cur'rycomb *n.* (קאַר'-אי-קאָום) א פערד־קאַם.



Currycomb

cur'ry fa'vor (קאַר'-אי פיי'-וואָר) נושא חן זיין ביי איינעם דורך חניפות און אונטערלעקען זיך.

cur'ry-pow'der *n.* (קאַר'-אי-פּאַו'-דער) די געווירצען, וועלכע מען בענוצט ביים קאָכען די קאַרי־זופּ. ז. ***curry***

curse *n. and v.* (קוירס) שילטען, פלוכען; לעסטערען [גאָט]; אַריינלעגען אין חרם; דאָס שילטען, א פלוך, א קללה; דאָס וואָס איז גאַרניט ווערטה.

curse by bell (קוירס באַי בעל) אַריינלעגען אין חרם.

cur'sed *a.* (קויר'-סעד) פערפלוכט, פערשאָלטען; שענדליך, מיאוס.

cur'sedly *adv.* (קויר'-סעד-לי) אויף א שענדליכען אופן; פערפלוכט.

cur'sedness *n.* (קויר'-סעד-נעס) דאָס זיין פערשאָלטען.

cur'ser *n.* (קויר'-סער) דער שילטער, דער וואָס פלוכט.

cur'ship *n.* (קויר'-שיפּ) א געמיינהייט, א חזיר'יי, א שווייניעריי.

cur'sive *a. and n.* (קויר'-סיוו) קורסיוו, פליסענד [וועגען בוכשטאַבען וואָס בינדען זיך איינער מיט דעם אַנדערען]; בוכשטאַבען וועלכע בינדען זיך איינער מיט דעם אַנדערען; א מאַנוסקריפּט וואָס איז געשריבען קורסיוו.

cur'sively *adv.* (קויר'-סיוו-לי) אויף א פליסענדען שטייגער; דורך שרייבען קורסיוו.

cur'sor *n.* (קויר'-סאָר) דער לויפער [דער טייל אין א מאַטעמאַטישען אינסטרומענט, וועלכער בעוועגט זיך הין און צוריק און ווייזט אן אויף פערשיעדענע ציפערען און פיגורען]; אין די מיטעלאַלטערליכע אוניווערזיטעטען — אן ערשט געענדיגטער סטודענט, וואָס דיענט אַלס געהילף פון פּראָפעסאָר, פאַרלעזענדיג פאַר די סטודענטען פערשיעדענע זעצע מיט ערקלערונגען אויף זיי.

curso'rial *a.* (קויר-סאָו'-רי-על) וואָס קען לויפען אָדער געהן [אין געגענזאַץ צו די בעשעפּענישען וואָס קריכען אויף'ן בויך]; וואָס האָט גליעדער צום געהן אָדער לויפען.

cur'sorily *adv.* (קויר'-סאָ-רי-לי) אין איילעניש; אויבערפלעכליך.

I read the book cursorily.

cur'soriness *n.* (קויר'-סאָ-רי-נעס) פליכטיגקייט, אויבערפלעכליכקייט.

cur'sory *a.* (קויר'-סאָ-רי) האַסטיג, אויבערפלעכליך, ניט אויפמערקזאַם.

A cursory reading of the book will not convey the idea of the author.

curt *a.* (קוירט) לאַקאָניש, קורץ און שאַרף [וועגען רעדען].

He gave a curt reply to our requests.

curtail' *v.* (קויר-טייל') פערקלענערען, קירצער מאַכען, אָבהאַקען דעם עק, אָבשניידען א טייל פון א זאַך.

The family found it necessary to curtail its expenses.

curtai'ledly *adv.* (קויר-טיי'-לעד-לי) פערקלענערענדיג; אָבהאַקענדיג דעם שפּיץ; אויף א פערקירצטען שטייגער.

curtai'ler *n.* (קויר-טיי'-לער) דער וואָס פערקלענערט, פערקירצט, שניידט אָב אָדער צוקאַליעטשעט.

cur'tail-horse *n.* (קויר'-טייל-האָהרס) א פערד מיט אן אָבגעשניטענעם עק.

curtail'ment *n.* (קויר-טייל'-מענט) די פערקירצונג, פערקלענערונג; דאָס אָבהאַקען דעם עק.

cur'tail-step *n.* (קויר'-טייל-סטעפּ) די אונטערשטע שטופּע פון טרעפּ.

cur'tain *n. and v.* (קויר'-טען) א פאַרהאַנג; א גאַרדין; דער מיטעל־וואַל אין א פעסטונג; פערהענגען מיט פאַרהאַנגען; פערדעקען, פערשטעלען.

cur'tain-lec'ture *n.* (קויר'-טען-לעק'-טשור) אן אונטער־אויוען דרשה; פאַרווירפע, וואָס למשל, מאַן און ווייב מאַכען זיך אונטער פיער אויגען.

cur'tainless *a.* (קויר'-טענ-לעס) וואָס האָט ניט קיין פאַרהאַנגען, וואָס איז ניט פערהאַנגען מיט גאַרדינען.

cur'tate *a.* (קויר'-טייט) פערקירצט, פערקלענערט.

cur'tesy *n.* (קויר'-טע-סי) ז. ***courtesy***

cur'tilage *n.* (קויר'-טי-לעדזש) א הויף, א קליינער גאָרטען אָדער א לעדיגער פּלאַץ [נעבען א הויז].

curt'ly *adv.* (קוירט'-לי) קורץ; שאַרף · אָבגעהאַקט.

curt'ness *n.* (קוירט'-נעס) קורצקייט; אָבגעהאַקטקייט, שאַרפקייט פון אויסדרוק; דאָס רעדען קורץ און שאַרף.

curt'sy *n.* (קוירט'-סי) א קניקס [א פערנייגונג מיט אן איינבייגונג פון די קניע].

cu'rule *a.* (קיו'-רוהל) וואָס איז שייך צו אן אַלט־רוימישען רייט־וואָגען; וואָס איז שייך צו די פיער העכסטע בעאַמטע פון דעם אַלטען רוים בעת דער רעפּובליק [קאָנסולען, פּרעטאָרען, עדילען און צענזאָרען]; וואָס איז שייך צו שטאַאַטס־פערוואַלטונג; אָפיציעל.

cu'rule chair (קיו'-רוהל טשעהר) איינער פון די אָפיציעלע שטוהלען, אויף וועלכער עס פלעגען זיצען די פיער העכסטע בעאַמטע פון דער פאַרצייטיגער רוימישער רעפּובליק [די קאָנסולען, פּרעטאָרען, עדילען און צענזאָרען].

cu'rule dig'nity (קיו'-רוהל דיג'-ני-טי) דאָס אַמט אָדער דער טיטול פון די פיער העכסטע בעאַמטע אין דער פאַרציי־

טינער רוימישער רעפובליק [קאָנסולען, פּרעטאָרען, עדילען און צענזאָרען].

cur'val *a.* (קויר'־וועל) ז. *curvant*.

cur'vant *a.* (קויר'־וואַנט) אויסגעבויגענע, אויסגעקרימט.

cur'vate *a.* (קויר'־ווייט) אויסגעבויגענע, אויסגעקרימט.

cur'vated *a.* (קויר'־וויי־טעד) ז. *curvate*.

curva'tion *n.* (קויר־וויי'־שאָן) דאָס אויסבויגען, דאָס אויסקרימען.

cur'vature *n.* (קויר'־ווע־טשור) די אויסגעבויגענקייט, די קרימונג [הויפּטזעכליך פון ליניען און פלעכען]; עטוואָס וואָס איז אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט.

curve *v., n. and a.* (קוירוו) אויסבויגען; זיין אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט; עטוואָס וואָס איז אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט; א קרומע ליניע אדער פלעכע; אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

curved *a.* (קוירווד) קרום, געבויגען.

cur'vedness *n.* (קויר'־וועד־נעס) דאָס זיין געבויגען, דאָס זיין אויסגעקרימט.

cur'vet *n. and v.* (קויר'־וועט) א קור־בעט [א פערד־שפּרונג, ביי וועלכען אַלע פיער פיס הויבען זיך אויף אין איין און דערזעלבער צייט]; א שטיפעריי; צווינגען א פערד צו מאַכען א קורבעט; מאַכען א קורבעט; שפּרינגען [פאר פרייד]; זיין זעהר לוסטיג.

curvicau'date *a.* (קויר־ווי־קאָה'־דייט) וואָס האָט א קרומען אדער איינגעבויגענעם עק.

curviden'tate *a.* (קויר־ווי־דענ'־טייט) וואָס האָט אויסגעקרימטע צייהנער.

curvifo'liate *a.* (קויר־ווי־פאָו'־לי־אייט) וואָס האָט אויסגעבויגענע אדער אויסגעקרימטע בלעטער.

cur'viform *a.* (קויר'־ווי־פאָרם) וואָס איז אויסגעקרימט אדער אויסגעבויגען.

curvilin'ead *n.* (קויר־ווי־לינ'־אי־עד) אַן אינסטרומענט צו צייכנען קרומע ליניען.

curvilin'ear *a.* (קויר־ווי־לינ'־אי־ער) וואָס איז בעשטעהט אדער וואָס איז בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curvilinear'ity *n.* (קויר־ווי־לינ־אי־ער'־אי־טי) דאָס בעשטעהן אדער דאָס זיין בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curvilin'early *adv.* (קויר־ווי־לינ'־אי־ער־לי) אין דער פאָרם פון א פיגור וואָס בעשטעהט אדער איז בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curviros'tral *a.* (קויר־ווי־ראָס'־טרעל) וואָס האָט א קרומען שנאָבעל [ווענען פויגלען].

cur'vity *n.* (קויר'־ווי־טי) אויסגעבויגענקייט, קרומקייט.

cush'at *n.* (קוש'־עט) די רינגעלטויב.

cush'ion *n. and v.* (קוש'־אָן) א קישען; עטוואָס וואָס איז ענליך צו א קישען אין אויסזעהן, ווייכקייט, געברויך א. ד. ג. [ווי למשל, די פּאָלסטערונג ביי א ביליאַרד־טיש, די גומי ביי אַן עלעקטרישער מאַשין א. ז. וו.]; זיצען אויף קישען; בעדעקען אדער אָרומלעגען מיט קישען; אין ביליאַרד־שפּיעל — צוטרייבען דעם באָל צו דער פּאָלסטערונג פאר דעם צוזאַמענשטויס מיט אַן אַנדער באָל אדער נאָך'ן צוזאַמענשטויס.

cush'ion-cap'ital *n.* (קוש'־אָן־קעפּ'־אי־טעל) א קאָפּ פון א זייל וואָס זעהט אויס ווי א קישען.

cush'ioned *a.* (קוש'־אָנד) איינגעהילט אין קישענס, ליגענדיג אויף קישענס.

cush'ionet *n.* (קוש'־אָנ־עט) א קליין קישעלע.

cush'ion-thum'per *n.* (קוש'־אָן־טהאָמ'־פּער) א בעל־דרשן, א קלאַפּער, א קנאַקער.

cusk *n.* (קאָסק) [א מין פיש וואָס געפינט זיך אין די צפון ימים]. דער קאָסק

cusp *n.* (קאָספּ) דער לבנה־האָרן [דאָס אויסזעהן פון דער לבנה אין אנפאַנג אדער אין ענדע חודש]; דער פונקט, וואו עס בעגעגענען זיך די ענדען פון צוויי קרומע ליניען [אין געאָמעטריע]; דער שפּיץ, וואָס בילדעט זיך, ווען די ענדען פון צוויי בויגנאַרטיגע פערציערונגען בעגעגענען זיך [אין ארכיטעקטור]; א שאַרפער שפּיץ ביי פלאַנצען־בלעטער; א בערגעל, א שפּיץ אויף'ן קרוינדעל פון א צאָהן.

Cusps

cus'pated *a.* (קאָס'־פּיי־טעד) וואָס ענדיגט זיך מיט א שאַרפען שפּיץ.

cus'pidal *a.* (קאָס'־פּי־דעל) וואָס ענדיגט זיך מיט א שפּיץ; אין געאָמעטריע — וואָס איז שייך צו דעם פונקט, וואו די ענדען פון צוויי קרומע ליניען בעגעגענען זיך; וואָס איז שייך צו אזא פונקט.

cus'pidate *v. and a.* (קאָס'־פּי־דייט) מאַכען שפּיציג; מאַכען שאַרף; שפּיציג.

cus'pidated *a.* (קאָס'־פּי־דיי־טעד) שפּיציג.

cus'pidor *n.* (קאָס'־פּי־דאָר) א שפּיי־קעסטעל, א שפּוק־שאַל.

cus'pidore *n.* (קאָס'־פּי־דאָור) ז. *cuspidor*.

cus'pis *n.* (קאָס'־פּיס) א שפּיץ.

cuss *n. and v.* (קאָס) א פלוך; א זידעל־וואָרט; א יונג, א חברה־מאַן; א געמיינער יונג; שילטען; זידלען.

cuss'-word *n.* (קאָס'־וואָירד) א קללה, א זידעל־וואָרט; א שבועה.

cus'tard *n.* (קאָס'־טאַרד) אזא געריכט פון פערמישטע אייער און מילך, געקאָכט אדער געבאַקען.

cus'tard-ap'ple *n.* (קאָס'־טאַרד־עפּל) א גרויסע, קיילעכדיגע, טונקעל־ברוינע פרוכט פון דעם פלאַשענבוים [וואַקסט אין טראָפּישע לענדער].

cus'tard-cups *n.* (קאָס'־טאַרד־קאָפּס) די ווילדע־רויזען [אזא פלאַנצע].

custo'dial *a.* (קאָס־טאָו'־די־על) וואָס איז שייך צו אַן אויפזעהער, אויפפּאַסער, היטער אדער בעשיצער.

custo'dian *n.* (קאָס־טאָו'־די־ען) א היטער, א בעשיצער, אַן אויפזעהער, אַן אויפפּאַסער.

custo'dianship *n.* (קאָס־טאָו'־די־ענ־שיפּ) דאָס אַמט פון אַן אויפזעהער אדער אויפפּאַסער, היטער אדער בעשיצער.

custo'dier *n.* (קאָס־טאָו'־די־ער) ז. *custodian*.

cus'tody *n.* (קאָס'־טאָ־די) אויפזיכט, דאָס אויפפּאַסען; דאָס בעוואַרענען; דאָס היטען; דאָס בעהאַלטען; דאָס איינשפּאַרען; דאָס איינשפּאַרען אין תפיסה.

cus'tom *n.* (קאָס'־טאָם) געוואוינהייט; מנהג; קונדשאַפט; שטייער, טאַקסע, אָבצאָהל.

cus'tomable *a.* (קאָס'־טאָם־עבל) שטייער־פּפליכטיג, וואָס עס מוזען פאר דעם בעצאָהלט ווערען שטייערען.

cus'tomably *adv.* (קאָס'־טאָם־ע־בלי) צום בעצאָהלען שטייערען.

cus'tomaries *n.* (קאָס'־טאָם־ע־ריז) א בוך אדער א דאָקומענט, וואו עס זיינען פערשריבען די מנהגים און די געזעצליכע רעכטע און פריווילעגיען פון א פּראָווינץ, שטאָדט א. ד. ג.; א פּנקס.

cus'tomarily *adv.* (קאָס'־טאָם־ע־רי־לי) לויט מנהג; אויף אן אנגענומענעם, געוועהנליכען שטייגער.

cus'tomariness *n.* (קאָס'־טאָם־ע־רי־נעס) דאָס זיין געוועהנליך, דאָס זיין לויט'ן מנהג.

cus'tomary *a.* (קאָס'־טאָם־ע־רי) געברויכליך, געוועהנליך, לויט'ן מנהג.

It is customary in our town to call on our friends on New Year's Day.

cus'tomer *n. and a.* (קאָס'־טאָם־ער) א קונה, א קונד; איינער, מיט וועמען מען האָט וועלכע ניט איז בעציהונגען; א חברה־מאַן; זייענדיג א קונה אדער א קונד; וואָס איז ספּעציעל בעשטעלט [אין געגענזאַץ צו פאַרטיגע, טאַנדעטנע זאַכען], וואָס איז פאר א קונה.

cus'tom-free *a.* (קאָס'־טאָם־פריע) צאָהל־פריי [א סחורה פון אויסלאַנד, וואָס ווערט אימפּאָרטירט פריי אָהן גרענעץ־אָבצאָהל].

cus'tom-house *n.* (קאָס'־טאָם־האַוס) א צאָהל־הויז [טאַמאָזשנע]; א רעגיערונגס־אָנשטאַלט, וואָס האָט די אויפזיכט איבער גרענעץ־אָבצאָהלונג.

cus'tom-made *a.* (קאָס'־טאָם־מייד) געמאַכט אויף בעשטעלונג [ווענען קליידער].

cus'toms *n.* (קאָס'־טאָמז) צאָהל, טאַריף־אָבצאָהלונגען [אָבצאָהלונג אויף אריינגעפיהרטע און ארויסגעפיהרטע סחורות].

cus'toms-du'ty *n.* (קאָס'־טאָמז־דיו'־טי) דער צאָהל אויף אריינגעפיהרטע און ארויסגעפיהרטע סחורות.

cus'tom-shrunk *a.* (קאָס'־טאָם־שראַנק) מיט ווייניג לייזונג, מיט ווייניג קונים.

cus'tos *n.* (קאָס'־טאָס) אַן אויפזעהער, א היטער.

cus'tos bre'vium (קאָס'־טאָס בריע'־ווי־אָם) אין די פריהעריגע צייטען — דער הויפּט־סעקרעטער אין דעם ענגלישען אַפּעלאַציאָנס־געריכט.

cut *v., n. and a.* (קאָט) שניידען, אָבשניידען, איינשניידען, אויסשניידען, דורכשניידען, צושניידען; פערוואונדען, וועה טהאָן; אָבהאַקען, איבערהאַקען, איבעררייסען [פערבינדונגען, בעקאַנטשאַפטען]; פערמינדערען; שפּאַלטען, אָבשפּאַלטען; קאַסטרירען [מסרס זיין]; אויסהאַקען, אויסשניצען, אויסגראַווירען; פּאָלירען, שלייפען [גלאָז, דימאַנטען]; צולאָזען [אין א פליסינקייט]; אָבהויבען קאַרטען; זיך אָבטראָגען; א שניט, א וואונד, א שפּאַלט; עטוואָס וואָס פערורזאַכט וועהטאָג אדער ליידען; אַן איינשניט; א קאַנאַל, א גראָבען, א רינע; א מחיצה; א שטיק, א טייל; א גראַווירע; א רעדוקציע, א פערקלענערונג [אין פּרייזען]; א פאַסאָן [פון א קלייד]; דער שניט,

דער גאנג; א קורצער וועג; דאס שלײפען [פון גלאז אדער דימאנטען]; אבוועזענהייט; איבערגעריסענע פערבינדונגען אדער בעקאנטשאפט; צושניטען, אבגעשניטען; פערוואונדעט; בעטריעבט; אבגעהאקט; אבגעקאסעט; צושפאלטען; גראווירט; פאלירט; געשליפען; געמאכט דורך מאשינעריי, ניט מיט דער האנד; קאסטירט [מסרס געווען]; שכור.

cut about′ (קאט ע-באוט′) ארומלויפען.

cut across′ (קאט ע-קראהס′) געהן גלייך, אויף׳ן דירעקטען וועג; אהן צערעמאניעס.

cut a dash (קאט ע דעש) ז. ***cut a figure***

cut a fig′ure (קאט ע פיג′-יור) שפּיעלען א ראליע, מאכען א ווענען פון זיך, בלאזען פון זיך.

cut af′ter one (קאט עפ′-טער הוואן) זיך יאגען נאך אימעצען.

cut against′ the grain (קאט ע-גענסט′ טהי גריין) שניידען האר ארויף, שניידען געגען שטריך, זיין שטארק צווידער.

cut a joke (קאט ע דזשאוק) זאגען א וויץ, מאכען א שפּאס.

cut and carve (קאט ענד קארוו) שלאגען רעכטס און לינקס; ענדערען.

cut and dried (קאט ענד דראיד) צוגעגרייט פאראויס; געענדיגט נאך איידער עס האט זיך אנגעפאנגען.

The convention was a cut and dried affair.

cut′-and-thrust′ *a.* (קאט′-ענד-טהראסט′) וואס איז צוגעפּאסט צום שטעכען און שטויסען [ווי א שווערד].

cuta′neous *a.* (קיו-טיי′-ני-אס) וואס איז שייך צו דער הויט; וואס איז ענליך צו הויט; וואס ווירקט אויף דער הויט; וואס געפינט זיך ביי דער הויט.

cuta′neous diseas′es (קיו-טיי′-ני-אס די-זיעז′-עז) הויט=קראנקהייטען.

cuta′neous erup′tion (קיו-טיי′-ני-אס אי-ראפּ′-שאן) אן אויסשלאג אויף דער הויט.

cuta′neously *adv.* (קיו-טיי′-ני-אס-לי) דורך דער הויט; ביי דער הויט.

cut a sor′ry fig′ure (קאט ע סאר′-אי פיג′-יור) שפּיעלען א טרויעריגע ראלע.

cut′away *a. and n.* (קאט′-ע-הוויי) וואס האט רונד=פערשניטענע פאלעס; א רייט=מאנטעל, אן איינבארטיגער ראק מיט רונד=פערשניטענע פאלעס.

cut both ways (קאט באוטה הוויז) שניידען פון ביידע זייטען, זיין א שווערד מיט צוויי שארפען.

cut ca′pers (קאט קיי′-פערז) שפּרינגען; שטיפען.

cutch *n.* (קאטש) פאפּיער=וויילד=גראז; בלעטער אדער שטיקער פארמעט, צווישען וועלכע מען פּרעסט אויס גאלד=בלעטער; קאטשו=גומי [א שמעקעדיגע זאפט פון געוויסע טראפּישע פלאנצען].

cutch′ery *n.* (קאטש′-ע-רי) אין אסט=אינדיען — א געריכט=הויז אדער א קאנצעלאריע פון וועלכען ניט איז רעגיערונגס=בעאמטען.

cut dead (קאט דעד) איגנארירען, זיך להלוטין ניט קימערען [וועגען אימעצען אדער עפּעס].

cut dirt (קאט דוירט) מאכען א ויברח, מאכען פּליטה.

cut down (קאט דאון) ארומזוימען; ארונטערהאקען; אראבשניידען; פערניכטען; פעראורזאכען א נידערלאגע.

cute *a.* (קיוט) 1. כיטרע, דורכגעטריבען; 2. לעבעדיג, אנציהענד, רייצענד.

2. He is a cute child.

cute′ly *adv.* (קיוט′-לי) מיט קלוגהייט; מיט כיטרעקייט; אויף א לעבעדיגען, אנציהענדען אדער רייצענדען שטייגער.

cute′ness *n.* (קיוט′-נעס) כיטרעקייט, דורכגעטריבענקייט; דאס זיין אנציהענד אדער רייצענד.

cut eye′-teeth (קאט אי′-טיעטה) זיין א דורכגעטריבענער יונג, א ממזר=יונג.

He is no fool. He has already cut his eye-teeth.

cut for deal (קאט פאר דיעל) אבהויבען די קארטען, אום צו בעשטימען, ווער עס זאל די קארטען אויסטיילען.

cut for the stone (קאט פאר טהי סטאון) מאכען אן אפּעראציע אויף שטיינער אין בויך.

cut glass (קאט גלעס) געשליפען גלאז.

cut grass un′der feet (קאט גרעס אנ′-דער פיעט) עפּעס אוועקשלעפּען פון אונטער דער נאז; ממש פון די הענט ארויסרייסען.

cu′ticle *n.* (קיו′-טיקל) די אויבערשטע הויט; די אויבערשטע שיכט [ווי ביי פלאנצען]; עטוואס וואס דעקט צו טיילען פון א קערפּער [אויף אזעלכע טיילען פון קערפּער ווי נעגעל, פעדערען, הערנער, קאפּיטעס א. ד. ג.]; א הייטעל [אויף פליסיגקייטען].

cutic′ular *a.* (קיו-טיק′-יו-לאר) וואס איז שייך צו דער אויבערשטער הויט אדער צו אנדערע ענליכע קערפּער=טיילען.

ז. ***cuticle***

decil'lion *n.* (די-סיל'-יאן) א דעציליאן [אין דער ענגלישער ציפער־סיסטעם — 1 מיליאן געדאפעלט 10 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 60 נולען; אין דער פראנצויזישער און אמעריקאנער ציפער־סיסטעם — 1 טויזענד געדאפעלט 11 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 33 נולען].

decil'lionth *a. and n.* (דע-סיל'-יאנטה) וואס איז שייך צו א דעציליאן; איין דעציליאנטעל, א דעציליאנטע טייל.
ז. *decillion*

dec'imal *a. and n.* (דעס'-אי-מעל) דעצימאל, געטיילט אין צעהן; געצעהלט אין צעהנדליג; א דעצימאל־ברוך, א צעהנטחלק.

dec'imal bal'ance (דעס'-אי-מעל בעל'-ענס) א דעצימאל־וואג [אזא וואג, וואס דאס געוויכט אויף איין וואג־שאל באלאנסירט מיט א צעהן מאל שווערערע מאסע אויף דער אנדערער שאל].

dec'imal frac'tion (דעס'-אי-מעל פרעק'-שאן) א דעצימאל־ברוך [א טייל פון א גאנצע, וואס ווערט אויסגעדריקט נור דורך צעהנטעל, הונדערטעל, טויזענדטעל א. ז. וו., ווי .001 ,.01 ,.1 א. ז. וו. אדער .234 ,.023 א. ז. וו.].

dec'imalism *n.* (דעס'-אי-מעל-איזם) דאס דעצימאל־סיסטעם.
ז. *decimal system*

dec'imalist *n.* (דעס'-אי-מעל-איסט) אן אנהענגער פון דעם דעצימאל־סיסטעם אין וואג, אין מאס א. ד. ג.

decimaliza'tion *n.* (דעס-אי-מעל-אי-זיי'-שאן) אומרעכענען אויף דאס דעצימאל־סיסטעם; איינפיהרען דאס דעצימאל־סיסטעם.

dec'imalize *v.* (דעס'-אי-מעל-איז) אומרעכענען אויף דעם יסוד פון דעצימאל־סיסטעם; איבערפיהרען אויף א דעצימאל־סיסטעם.

dec'imally *adv.* (דעס'-אי-מעל-אי) אין צעהנער אדער צעהנטלעך; דורך דעצימאל.

dec'imal meas'ure (דעס'-אי-מעל מעזש'-אור) א מאס וועלכע געהערט צו דעם דעצימאל־סיסטעם, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.

dec'imal nota'tion (דעס'-אי-מעל נא-טיי'-שאן) די דעצימאלע ציפער־סיסטעם [די געוועהנליכע ציפער־סיסטעם וואס ווערט געברויכט, וואו יעדע ציפער אין דער רייה פון רעכטס צו לינקס ווערט פערגרעסערט 10 מאל].

dec'imal point (דעס'-אי-מעל פאינט) א דעצימאל פונקט [דער פונקט וואס שטעלט זיך פאר א דעצימאל־ברוך ווי .02 ,.1].

dec'imal sys'tem (דעס'-אי-מעל סיס'-טעם) דאס דעצימאל־סיסטעם [א סיסטעם, וואו מאסען און וואגען זיינען גרעסער אדער קלענער איינע פון דער אנדערער אין צעהן מאל, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.].

dec'imate *v.* (דעס'-אי-מייט) 1. אויסקלייבען דורך גורל יעדען צעהנטען צום טויטען [א בארבארישער מנהג פון אלטע צייטען ביים בעשטראפען קריעגס־געפאנגענע אדער רעבעלען]; 2. א תל מאכען, טויטען מאסענווייז.

2. The troops were decimated by the enemy's fire.

decima'tion *n.* (דעס-אי-מיי'-שאן) דאס אויסקלייבען יעדען צעהנטען דורך גורל צום טויטען; דאס טויטען מאסענווייז; דאס מאכען א תל.

dec'imator *n.* (דעס'-אי-מיי-טאר) איינער וואס טויטעט יעדען צעהנטען [פון געפאנגענע]; א פערוויסטער.

decime' *n.* (דע-סים') א פראנצויזישע מטבע, וואס איז א צעהנטעל פון א פראנק [אן ערך צוויי אמעריקאנער סענט].

dec'imeter *n.* (דעס'-אי-מי-טער) א דעצימעטער [א לענגען מאס, וואס איז א צעהנטעל פון א מעטער].

dec'imetre *n.* (דעס'-אי-מי-טער)
ז. *decimeter*

dec'imo-octa'vo *n.* (דעס'-אי-מאו-אק-טיי'-וואו) דאס אכטצעהנטעל־פארמאט [ווענען דרוקשריפטען ווען אכטצעהן זייטלעך געהען אין א דרוק־בויגען].

dec'imo-sex'to *n.* (דעס'-אי-מאו-סעקס-

טאו) דאס זעכצעהנטעל־פארמאט [ווענען דרוק־שריפטען, ווען זעכצעהן זייטלעך נעהמען אין א דרוק־בויגען].

deci'pher *v.* (די־סאי׳־פער) 1. דעשיפרירען, דורכלעזען א שיפרירטען בריעף אדער אנדער שריפט, וואס איז געשריבען פערשטעלט; 2. לעזען וואס איז אונקלאר געשריבען; 3. ערקלערען, ענטדעקען דעם זין פון א פערפלאנטערטע, אונקלארען עניין אדער זאך; 4. בעשרייבען.
1. The manager took the code and proceeded to **decipher** the massage. 2. We find it hard to **decipher** this manuscript.

deci'pherable *a.* (די־סאי׳־פער־עבל) וואס קען דעשיפרירט ווערען [ווענען א שריפט וואס איז געשריבען פערשטעלט]; וואס קען דורכגעלעזען ווערען, וואס קען ערקלערט ווערען.

deci'pherer *n.* (די־סאי׳־פער־ער) איינער וואס דעשיפרירט [לעזט א פערשטעלטע אדער אונקלארע שריפט]; אן ערקלערער; איינער וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען עניין.

deci'pheress *n.* (די־סאי׳־פער־עס) איינע וואס דעשיפרירט א שריפט; איינע, וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען עניין; אן ערקלערערין.

deci'pherment *n.* (די־סאי׳־פער־מענט) דאס דורכלעזען שיפרירטע שריפטען; דאס פונאנדערפלאנטערען א שווערען עניין; דאס ערקלערען.

decip'ium *n.* (די־סיפ׳־אי־אם) אזא מעטאל, וועלכען מען האט געפונען אין נארד־קאראלאינע אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אין דער כעמיע איז דיעזער מעטאל ניט אנערקענט אלס בעמישער גרונד־עלעמענט].

deci'sion *n.* (די־סיזש׳־אן) פסק־דין; ענטשיידונג, ענטשלוס.
The court rendered its **decision**.

deci'sive *a.* (די־סאי׳־סיוו) ענטשיידענד; בעשטימט.
The opinion of the court is **decisive** on the question.

deci'sively *adv.* (די־סאי׳־סיוו־לי) אויף אן ענטשלאסענעם, בעשטימטען אדער ענטשיידענדען אופן.

deci'siveness *n.* (די־סאי׳־סיוו־נעס) געוויסהייט; בעשטימטהייט, ענטשיידענהייט.

deci'sive step (די־סאי׳־סיוו סטעפ) א וויכטיגער, ענטשיידענדער שריט.

decistère' *n.* (דעס־אי־סטעהר׳) א צעהנטעל פון א קוביק־מעטער אדער פון א קילאליטער [א טויזענדטעל פון א ליטער].

decit'izenize *v.* (די־סיט׳־איזנ־איז) אוועקנעהמען דאס בירגער־רעכט; מאכען פאר אוים בירגער.

deciv'ilize *v.* (די־סיוו׳־אי־לאיז) אראבברייננען פון א ציוויליזירטען צושטאנד צו א ווילדען.

deck *v.* and *n.* (דעק) בעפוצען; א פערדעק פון א שיף; א טאליע [טעשעל] קארטען.

deck'-beam *n.* (דעק׳־ביעם) איינער פון די באלקענס וואס האלטען אונטער דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-car'go *n.* (דעק׳־קאר׳־גאו) די פראכט וואס ווערט געלעגט אויף דעם פערדעק פון א שיף.

decked *a.* (דעקט) בעפוצט; וואס האט א פערדעק [ווענען א שיף].

deck'er *n.* (דעק׳־ער) איינער אדער עטוואס, וואס בעפוצט אדער בעדעקט; א דעקטוך; א שיף וואס האט א פערדעק.

deck'-hand *n.* (דעק׳־הענד) אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-house *n.* (דעק׳־האוס) אזא ביידעל וואס ווערט געמאכט פאר געוויסע צוועקען אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'ing *n.* (דעק׳־אינג) דאס בעפוצען; די בעפוצונג; אן ארנאמענט.

deck'le *n.* (דעקל) אזא ראהם וואס ווערט געברויכט ביים פאבריצירען פאפיער אבצופאסען די גרויס פון פאפיער־בויגען; אזא לייוואנדער באנד אין א פאפיער־מאשין וואס ווערט אנגעשטעלט פון ביידע זייטען פון פאפיער־בויגען איהם ניט צו דערלאזען צו ווערען ברייטער ווי די נויטיגע גרויס; דער רויהער ברעג פון א פאפיער־בויגען.

deck'le-edged *a.* (דעקל׳־עדזשד) מיט רויהע ברעגען [ווענען ביכער וועלכע ווערען געבונדען מיט רויהע, ניט קיין ארומגעשניטענע בלעטער].

deck'le-strap *n.* (דעקל׳־סטראפ) אזא רימען אין א פאפיער מאשין וואס לויפט ביים ראנד פון פאפיער־בויגען, ניט צו דערלאזען, אז ער זאל ארויסקומען ברייטער ווי די נויטיגע מאס.

deck'-load *n.* (דעק׳־לאוד) ז. *deck-cargo*.

deck out (דעק אוט) אויספוצען.
The ladies were **decked out** in the height of fashion.

deck'-pas'sage *n.* (דעק׳־פעס׳־עדזש) די רייזע אויף׳ן פערדעק פון א שיף.

deck'-pas'senger *n.* (דעק׳־פעס׳־ענ־דזשער) א רייזענדער אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-plate *n.* (דעק׳־פלייט) אזא מעטאל־פלאטע מיט וועלכער עס ווערט בעדעקט דער הייץ־פלאץ פון דער דאמפ־מאשין אין א שיף, כדי צו שיצען דעם פערדעק פון שיף פון היץ.

deck'-pump *n.* (דעק׳־פאמפ) אזא האנד־פומפ וואס ווערט בענוצט צום וואשען דעם פערדעק פון א שיף.

declaim' *v.* (די־קליים׳) דעקלאמירען, פארלעזען; דרש׳ענען; טומלען; רעדען פוסטע, הויכע ווערטער.

declai'mant *n.* (די־קליי׳־מענט) א דעקלאמאטאר; א מליצה׳דיגער רעדנער; איינער וואס טרעט ארוים היציג געגען א זאך.

declai'mer *n.* (די־קליי׳־מער) א דעקלאמאטאר, א פארלעזער; א מליצה׳דיגער רעדנער.

declama'tion *n.* (דעק־לע־מיי׳־שאן) א דעקלאמאציאן; א מליצה׳דיגע אדער היציגע רעדע.

declam'atory *a.* (די־קלעמ׳־ע־טא־רי) דעקלאמאטאריש; בלויז פאר דעקלאמאציאן.

declar'able *a.* (די־קלעהר׳־עבל) וואס קען בעוויזען ווערען; וואס קען דערקלערט ווערען.

declar'ant *n.* (די־קלעהר׳־ענט) איינער וואס מאכט אן ערקלערונג אין געריכט.

declara'tion *n.* (דעק־לע־ריי׳־שאן) אן ערקלערונג, א בעקאנטמאכונג; א דאקומענט וואס ענטהאלט אן ערקלערונג אדער בעקאנטמאכונג.

declara'tion of faith (דעק־לע־ריי׳־שאן אוו פייטה) דער רעליגיעזער אני מאמין; פרינציפען־ערקלערונג.

Declara'tion of Indepen'dence (דעק־לע־ריי׳־שאן אוו אינ־דע־פענ׳־דענס) די אונאבהענגיגקייטס ערקלערונג פון די ענגלישע קאלאניעס אין אמעריקא, וועלכע איז געמאכט געווארען דעם 4טען יולי, 1776 [די בעפרייאונג פון די נארד־אמעריקאנישע שטאאטען, די איצטיגע פעראייניגטע שטאאטען פון דער הערשאפט פון גרויס בריטאניען].

Declara'tion of Indul'gence (דעק־לע־ריי׳־שאן אוו אינ־דאל׳־דזשענס) א מאניפעסט פון די ענגלישע קעניגע פון דער סטיוארט דינאסטיע אין 17טען יאהרהונדערט, אין וועלכע עס זיינען געגען געזעצע געשענקט געווארען מעהר רעכטע צו אנהענגער פון פרעמדע רעליגיאנען [ניט פון דער אנגליקאנישער קירך].

declara'tion of inten'tion (דעק־לע־ריי׳־שאן אוו אינ־טענ׳־שאן) אן ערקלערונג וואס דארף געמאכט ווערען אין געריכט פון אן אויסלענדער ווען ער וויל ווערען אן אמעריקאנער בירגער.

declara'tion of war (דעק־לע־ריי׳־שאן אוו הוואהר) קריעגס־ערקלערונג.

declar'ative *a.* (די־קלער׳־ע־טיוו) ערקלערענדיג, בעקאנטמאכענדיג.

declar'atively *adv.* (די־קלער׳־ע־טיוו־לי) אויף אן ערקלערענדען אופן; דורך בעקאנטמאכונג, דורך ערקלערונג.

declar'atorily *adv.* (די־קלער׳־ע־טא־רי־לי) דורך ערקלערונג אדער פארשטעלונג.

declar'atory *a.* (די־קלער׳־ע־טא־רי) ערקלערענדיג; פארשטעלענדיג, אנצייכענדיג.

declare' *v.* (די־קלעהר׳) ערקלערען, אנצייגען; בעקאנטמאכען; בעקאנטמאכען אן ענטשיידונג; פערזיכערען, פראקלאמירען; דערצעהלען; איבערגעבען אין צאל־אמט אן אויספיהרליכע פערצייכניס פון סחורות, פאר וועלכע עס דארף געצאהלט ווערען גרענעץ־אבצאל.

declare' a div'idend (די־קלעהר׳ ע דיוו׳־אי־דענד) ערקלערען זיך גרייט צו צאהלען דיווידענד [רווח].

declared' *a.* (די־קלעהרד׳) פראקלאמירט, פערעפענטליכט, בעקאנט געמאכט; אפען ארויסגעזאגט; אפען.
I am a **declared** candidate for the office.

declar'edly *adv.* (די־קלעהר׳־עד־לי) אפען, בעשטימט.

declar'edness *n.* (די־קלעהר׳־עד־נעס) דאס זיין ערקלערט, אנגעצייגט אדער בעקאנט געמאכט; דאס זיין פראקלאמירט.

declare' in debt (די־קלעהר׳ אין דעט) אנקלאגען אין געריכט פאר חובות.

declare' off (די־קלעהר׳ אף) זיך אבזאגען פון געוויסע פערפליכטונגען אדער אונטערנעהמונגען; זיך אבזאגען פון א געוואהנהייט.
She **declared** the engagement **off**.

declare' one's self (די־קלעהר׳ הוואנז סעלף) ארויסזאגען א מיינונג, ארויסטרעטען פאר אדער געגען עטוואס.
He **declared himself** for woman-suffrage.

declar'er *n.* (די־קלעהר׳־ער) א בעקאנטמאכער, א פראקלאמירער; אן ערקלערער.

declare' war (די־קלעהר׳ הוואהר) ערקלערען קריעג.

declassed' *a.* (די־קלעסט׳) וואס איז א יורד, וואס איז א געפאלענער; וואס איז ארויסגעשטויסען פון דער געזעלשאפט.

declen'sion *n.* (די־קלענ׳־שאן) א בארג־אראב; משופע׳דיגקייט; נייגונג; אן אבווייכונג; אן אבזאג; א פאלען אדער זינקען אויף א נידריגע מדרגה; די בויגונג פון הויפטווערטער [די גראמאטיקאלישע ענדערונג פון די ווערטער וואס בעצייכענען

א נצמען פון א זאך, ווי צ. ב. דער פאטער, דעם פאטער'ס א. ז. וו.].

declen'sional *a.* (די-קלענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער בויגונג פון הויפּטווערטער [די גראמאטיקאלישע ענדערונג פון הויפּטווערטער].

decli'nable *a.* (די-קלאי'-נעבל) וואס קען געבויגען ווערען [בעזאנדערס וועגען די גראמאטיקאלישע ענדערונגען פון הויפּטווערטער].

decli'nal *a.* (די-קלאי'-נעל) געבויגען נאך אונטען; משופּע'דיג.

dec'linate *a.* (דעק'-לי-נייט) געבויגען נאך אונטען [וועגען פלאנצען וואס זיינען געבויגען].

declina'tion *n.* (דעק-לי-ניי'-שאן) דעקלינאציאן, דאס בויגען, דאס בויגען נאך אונטען אדער אראב-צו; דאס זינקען אדער פאלען אויף א נידריגע מדרגה; דאס אבנייגען אן א זייט; דאס אבווייכען פון דער גראדער ליניע; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס אבזאגען זיך; צוריקווייזונג; די אבווייכונג פון דער מאגנעט-נאדעל פון איהר ריכטונג; דער ווינקעל וואס בילדעט זיך צווישען דעם מאגנעטישען מערידיאן און דעם געאגראפישען; די ווייטקייט פון א שטערען פון דעם עקוואטאר פון דער ערד.

declina'tional *a.* (דעק-לי-ניי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דעקלינאציאן. ז. *declination*.

declina'tional tide (דעק-לי-ניי'-שאנ-על טאיד) דאס הויבען זיך און אבפאלען פון דעם וואסער פון ים [עבע און פלוט], וואס ווערט פעראורזאכט דורך דער ענדערונג פון דער ווייטקייט פון דער לבנה פון דער ערד.

declina'tion com'pass (דעק-לי-ניי'-שאן קאמ'-פעס) א ספעציעלער איינגעשטעלטער קאמפאס צום מעסטען די אבווייכונגען פון א מאגנעטישער נאדעל.

declina'tion of the com'pass (דעק-לי-ניי'-שאן אוו טהי קאמ'-פעס) די אבווייכונג פון דער קאמפאס-מאגנעט-נאדעל פון דעם ווירקליכען מערידיאן אין וועלכען עס איז פלאץ [אין ניו-יארק צ. ב. ווייכט אב די מאגנעט-נאדעל פון א קאמפאס אויף אן ערך 8 גראד פון מערידיאן אין דער ריכטונג צו מערב זייט].

declina'tion of the nee'dle (דעק-לי-ניי'-שאן אוו טהי ניעדל) ז. *declination of the compass*.

dec'linator *n.* (דעק'-לי-ניי-טאר) אן אינסטרומענט צו מעסטען די ווייטקייט פון א שטערען פון עקוואטאר פון דער ערד; איינער וואס ענטזאגט זיך.

decli'natory *a.* (די-קלאי'-נע-טא-רי) וואס איז שייך צו דעקלינאציאן (ז. *declination*); אבזאגענדיג זיך.

decli'nature *n.* (די-קלאי'-נע-טשור) דאס אבזאגען זיך.

decline' *n. and v.* (די-קלאין') בויגען; בויגען אראב; ענטזאגען; זיך נייגען, זיך בויגען אראב-צו; אבווייכען פון דער גראדער ריכטונג; אראבגעהן פון גלייכען וועג; זיך ענטזאגען; זינקען אויף א נידריגע מדרגה; קליין ווערען; שוואך ווערען; דעקלינירען [בויגען א הויפּטווארט לויט די גראמאטיקאלישע כללים, ווי צ. ב. אין העברעאיש אב, אבי אביך א. ז. וו.]; דאס זינקען אויף א נידריגע מדרגה; דאס שוואך ווערען [ווי פון א קראנקהייט]; דאס ווערען שוואך און עובר בטל.

declined' *a.* (די-קלאינד') ז. *declinate*.

decli'ner *n.* (די-קלאי'-נער) איינער וואס ענטזאגט זיך; א זון-זייגער.

decli'nograph *n.* (די-קלאי'-נא-גרעף) אן אפּאראט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די ווייטקייט פון שטערען פון דעם עקוואטאר פון דער ערד.

declinom'eter *n.* (דעק-לי-נאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אבווייכונגען פון א מאגנעט-נאדעל פון ווירקליכען מערידיאן.

decli'nous *a.* (די-קלאי'-נאס) וואס איז געבויגען נאך אונטען אדער אראב-צו [וועגען פלאנצען].

dec'livate *a.* (דעק'-לי-ווייט) ווייניג געבויגען, עטוואס משופּע'דיג; וואס בילדעט מיט א פלעכע א ווינקעל פון ווייניגער ווי 45 גראד.

declive' *a.* (די-קלאיוו') וואס איז געבויגען נאך אונטען אדער אראב-צו.

dec'livent *a.* (דעק'-לי-וועגט) געבויגען נאך אונטען אדער אראב-צו; עטוואס אבגעבויגען.

decliv'itous *a.* (די-קליוו'-אי-טאס) געבויגען נאך אונטען אדער אראב-צו.

decliv'ity *n.* (די-קליוו'-אי-טי) די ריכטונג בארג-אראב; א פלעכע וואס איז געבויגען אראב-צו.

decli'vous *a.* (די-קלאי'-וואס) ז. *declivitous*.

decoct' *v.* (די-קאקט') 1. קאכען; 2. פערדייען; 3. מאכען בייזע פלענער.

1. The cook contrived to **decoct** something tasteful for dinner. 3. The conspirators **decocted** some very clever schemes.

decoc'tible *a.* (די-קאק'-טיבל) וואס קען געקאכט ווערען; וואס קען פערדייט ווערען.

decoc'tion *n.* (די-קאק'-שאן) דאס קאכען, אויסקאכען אדער אבקאכען; דאס וואסער מיט וועלכען מען האט אבגעקאכט פלייש אדער גרינס.

decoc'ture *n.* (די-קאק'-טשור) דאס וואסער אין וועלכען פלייש אדער גרינס איז אבגעקאכט געווארען.

decohere' *v.* (די-קא-היער') מאכען עפּעס זאל מעהר ניט זיין צוגעקלעפּט אדער בעהעפט; אבטיילען, פונאנדערנעהמען.

decol'late *v.* (די-קאל'-אייט) אראבהאקען דעם קאפּ, קעפּען.

decol'lated *a.* (די-קאל'-איי-טעד) אראבגעהאקט דעם קאפּ, געקעפּט.

decolla'tion *n.* (די-קא-ליי'-שאן) דאס אבהאקען דעם קאפּ, דאס קעפּען.

décolleté' *a.* (דיי-קאל-ע-טיי') דעקאלטירט, טיעף אויסגעשניטען דער האלז און שולטערען [וועגען פרויען-קליידער].

decol'or *v.* (די-קאל'-אר) אוועקנעהמען דעם קאליר; מאכען עס זאל אבבלאקירען אדער בלייכען.

decol'orant *n. and a.* (די-קאל'-אר-ענט) וואס האט די אייגענשאפט אראבצונעהמען דעם קאליר; וואס מאכט עס זאל אבבלאקירען אדער בלייכען; א מיטעל צום אוועקנעהמען דעם קאליר פון א שטאף; א בלייכונגס-מיטעל.

decol'orate *v. and a.* (די-קאל'-אר-אייט) אוועקנעהמען דעם קאליר; מאכען אז עס זאל אבבלאקירען; אבגעבלאקירט, אבגעבלייכט.

decolora'tion *n.* (די-קאל-א-ריי'-שאן) דאס אוועקנעהמען דעם קאליר פון עטוואס; דאס אבבלאקירען; דאס ניט האבען קיין קאליר.

decolorim'eter *n.* (די-קאל-א-רימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די ווירקונג פון בלייכונגס-מיטעל.

decoloriza'tion *n.* (די-קאל-אר-אי-זיי'-שאן) דאס אבבלאקירען אדער אבבלייכען.

decol'orize *v.* (די-קאל'-אר-איז) ז. *decolor*.

decol'orizer *n.* (די-קאל'-אר-אי-זער) עטוואס וואס נעהמט אב דעם קאליר אדער וואס מאכט, אז עס זאל אבבלאקירען.

de'complex *a.* (די'-קאם-פלעקס) מיט צוזאמענגעזעצטע אדער קאמפליצירטע בעשטאנדטיילען.

decomposabil'ity *n.* (די-קאם-פאו-זע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט פאנאנדערצופאלען אדער צו ווערען פאנאנדערגענומען אויף די גרונד-עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען [וועגען צונויפגעזעצטע שטאפען, וועלכע בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען].

decompo'sable *a.* (די-קאם-פאו'-זעבל) וואס קען פאנאדערגענומען ווערען אדער צופאלען אויף די גרונד-עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען [וועגען צונויפגעזעצטע שטאפען, וועלכע בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען]; וואס קען פערפוילט ווערען.

decompose' *v.* (די-קאם-פאוס') אויפלעזען, פאנאנדערנעהמען אויף די גרונד-עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען [וועגען שטאפען וואס בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען]; צופאלען, אויפגעלעזט ווערען; פערפוילען, צופוילט ווערען.

decomposed' *a.* (די-קאם-פאוזד') וואס איז פאנאנדערגעפאלען אדער פאנאדערגעטיילט; אבגעטיילט איינער פון דעם אנדערען.

decompo'ser *n.* (די-קאם-פאו'-זער) עטוואס וואס לעזט אויף אדער נעהמט פאנאנדער די בעשטאנדטיילען.

decompos'ite *n. and a.* (די-קאם-פאז'-איט) וואס בעשטעהט פון צוזאמענגעזעצטע עלעמענטען; דאפעלט צוזאמענגעזעצט; עטוואס וואס בעשטעהט פון א דאפעלטער צוזאמענזעצונג.

decomposi'tion *n.* (די-קאם-פא-זיש'-אן) דאס צופוילט ווערען; דאס פאנאנדערנעהמען אויף די גרונד-עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען; דאס פאנאנדערפאלען אויף די בעשטאנדטיילען; א דאפעלטע צוזאמענזעצונג פון עלעמענטען.

decomposi'tion of for'ces (די-קאם-פא-זיש'-אן אוו פאור'-סעז) דאס פאנאנדערלעגען א צוזאמענגעזעצטע קראפט אויף איהרע בעשטאנדטיילען.

decomposi'tion of light (די-קאם-פא-זיש'-אן אוו לאיט) דאס פאנאנדערלעגען א ליכט-שטראהל אין זיינע פריזמאטישע קאלירען [ווען מען לאזט דורך א ליכט-שטראהל דורך א דרייקאנטיגען געשליפענעם גלעזעל (פריזמא), בעקומט מען א בילד פון פארבען, וועלכע מען זעהט אין א רעגען-בויגען].

decompound' *n., a. and v.* (די-קאם-פאונד') וואס בעשטעהט פון א דאפעלטער צוזאמענזעצונג; דאפעלט צוזאמענגעזעצט, דאפעלט פערבונדען; מעהרערע מאל געטיילט [וועגען געוויסע פלאנצען-בלעטער וואס זיינען מעהרערע מאל געטיילט]; עטוואס וואס איז דאפעלט צוזאמענגעזעצט; דאפעלט צוזאמענזעצען אדער פערבינדען; צוזאמענזעצען צוזאמענגעזעצטע עלעמענטען נאך אמאל.

decompoun'dable *a.* (די-קאָם-פּאונ'-
דעבל) וואָס מען קען צוזאַמענזעצען נאָך
אַמאָל.

decompound' leaf (די-קאָם-פּאונד'
ליעף) אַ בלאַט וואָס איז מעהרערע מאָל
געטיילט.

decompound'ly *adv.* (די-קאָם-פּאונד'-
לי) אויף אַ דאָפּעלט צוזאַמענגעזעצטען
אופן.

dec'orate *v.* (דעק'-אָ-רייט) דעקאָרירען,
אויספּוצען, שעהנער מאַכען, בעציערען.

dec'orated *a.* (דעק'-אָ-רעטעד) דעקאָ-
רירט, אויסגעפּוצט, בעציערט.

decora'tion *n.* (דעק-אָ-ריי'-שאָן) דאָס
דעקאָרירען, אַ בעפּוצונג; אַ דעקאָראַציע,
אַ בעציערונג.

Decora'tion day (דעק-אָ-ריי'-שאָן דיי)
דער דעקאָראַציאָנס-טאָג [דער 30טער מאַי
אין די פערייניגטע שטאַאַטען פון אַמע-
ריקא, וועלכער איז אַנגענומען פאַר אַן
אַנדענקונגס-טאָג פאַר די געפאַלענע סאָל-
דאַטען אין דעם בירגער-קריעג פון די
יאהרען 1861—65. אין דעם טאָג ווערען די
קברים פון דיעזע געפאַלענע קעמפּפער דע-
קאָרירט מיט בלומען].

dec'orative *a.* (דעק'-אָ-ריי-טיוו) וואָס
דעקאָרירט, בעפּוצט, בעציערט, פערשעה-
נערט.

dec'orative art (דעק'-אָ-ריי-טיוו אַרט)
די דעקאָראַציאָנס-קונסט, די קונסט פון
דעקאָרירען אָדער אויספּוצען צימערען, גע-
ביידען א. ד. ג.

dec'orativeness *n.* (דעק'-אָ-ריי-טיוו-
נעס) דאָס זיין דעקאָרירט, געציערט אָדער
אויסגעפּוצט.

dec'orative notes (דעק'-אָ-ריי-טיוו
נאָוטס) קורצע נאָטען וואָס ווערען צוגע-
געבען צו אַ מעלאָדיע זי צו פערציערען.

dec'orator *n.* (דעק'-אָ-ריי-טאָר) אַ דע-
קאָראַטאָר, איינער וואָס דעקאָרירט צימע-
רען, געביידעס א. ד. ג.

deco'rous *a.* (די-קאָו'-ראָס) העפליך;
אַנשטענדיג, סאָטאָטשנע.

He was uniformly decorous and had a high sense of duty.

deco'rously *adv.* (די-קאָו'-ראָס-לי)
אויף אַן אַנשטענדיגען אופן; מיט העפ-
ליכקייט; מיט שטאַט; ווי עס דאַרף צו
זיין.

deco'rousness *n.* (די-קאָו'-ראָס-נעס)
אַנשטענדיגקייט; שטאַט, העפליכקייט.

decor'ticate *v.* and *a.* (די-קאָהר'-טי-
קייט) אָבשיילען, אָבּרייסען די קאָרע אָדער
די שאָלעכץ; אַראָבנעמען אָדער אָבגע-
שיילט דאָס אויבערשטע הייטעל אָדער שאָ-
לעכץ; אָהן קאָרע אָדער שאָלעכץ.

decortica'tion *n.* (די-קאָהר-טי-קיי'-
שאָן) דאָס אָבשיילען, דאָס אָבּרייסען די
קאָרע, די שאָלעכץ אָדער דאָס הייטעל.

decor'ticator *n.* (די-קאָהר'-טי-קיי-
טאָר) אַ געצייג אַראָבצורייסען אָדער אָב-
צושיילען קאָרע אָדער שאָלעכץ.

deco'rum *n.* (די-קאָו'-ראָם) העפליכ-
קייט, אַנשטענדיגקייט; שטאַט; פּאַסיג-
קייט.

Decorum must be observed in houses of worship.

decoy' *n.* and *v.* (די-קאָי') אַנלאָקען,
צוציהען; אַריינגאַרען; אַריינגענאַרט ווע-
רען, אַריינפאַלען; אַ נעץ, אַ פּאַסטקע פאַר
פויגלען אָדער חיות; עפּעס וואָס נאַרט
אַריין, ציהט צו אָדער לאָקט אָן.

decoy'-bird *n.* (די-קאָי'-בוירד) אַ לאָק-
פויגעל [אַ פויגעל וואָס ווערט אָבגעקנע-
שטעלט אַנצולאָקען אָדער צוצוציהען פוי-
געל, אַז זיי זאָלען אַריינפאַלען אין נעץ].

decoy'-duck *n.* (די-קאָי'-דאַק) אַ לאָק-
ענטעל [אַן ענטעל (קאַטשקע) וואָס ווערט
אָבגעקנעשטעלט אַנצולאָקען אַנדערע ענט-
לעך, אַז זיי זאָלען אַריינפאַלען אין נעץ];
אַ פערזאָן וואָס נאַרט אַריין אַנדערע.

decoy'er *n.* (די-קאָי'-ער) אַ נעץ אָדער
פּאַסטקע פאַר פויגלען אָדער חיות.

decrease' *n.* and *v.* (די-קריעס') פער-
קלענערען, פערמינדערען; וועניגער ווע-
רען; פערקלענערט ווערען; אַ פערקלענע-
רונג, אַ פערמינדערונג.

decrea'sing *a.* (די-קריע'-סינג) פער-
קלענערענדיג, פערמינדערענדיג; זיך פער-
מינדערענדיג.

decrea'singly *adv.* (די-קריע'-סינג-לי)
אויף אַ פערקלענערענדען אָדער פערמינדע-
רענדען אופן; דורך פערמינדערונג אָדער
פערקלענערונג.

decree' *n.* and *v.* (די-קריע') אַ דעקרעט,
אַן אוקאַז, אַ בעפעהל; אַ בעשטימונג; אַ
געריכטליכער אורטייל; דעקרעטירען, בע-
שליסען, בעשטימען; אַרויסגעבען אַ גע-
ריכטליכען אורטייל.

decree'able *a.* (די-קריע'-עבל) וואָס
קען בעשלאָסען אָדער בעשטימט ווערען.

decre'er *n.* (די-קריע'-ער) איינער וואָס
גיט אַרויס אַ דעקרעט אָדער אוקאַז.

decreet' *n.* (די-קריעט') אַ דעקרעט, אַן
אוקאַז, אַ בעפעהל; אַ געריכטליכער אור-
טייל.

dec'rement *n.* (דעק'-רי-מענט) אַ שטו-
פענווייזע פערקלענערונג אָדער פערמינדע-
רונג; די צאָהל, מיט וועלכער עטוואָס
פערקלענערט זיך שטופענווייז.

decrep'id *a.* (די-קרעפּ'-איד)
ז. *decrepit*.

decrep'it *a.* (די-קרעפּ'-איט) אַלט, אָבגע-
לעבט, שוואַך פון יאהרען.

decrep'itate *v.* (די-קרעפּ'-אי-טייט)
קנאַקען, טרעסקען [ווי זאַלץ אויף'ן
פייער]; בראַטען אין אַ גרויסער היץ, אַז
דאָס געבראַטענע זאָל קנאַקען אָדער טרעס-
קען.

decrepita'tion *n.* (די-קרעפּ-אי-טיי'-
שאָן) דאָס קנאַקען אָדער טרעסקען [ווי
זאַלץ אויף'ן פייער].

decrep'itly *adv.* (די-קרעפּ'-איט-לי)
דורך שוואַכקייט אָדער געבראָכענקייט פון
עלטער.

decrep'itness *n.* (די-קרעפּ'-איט-נעס)
ז. *decrepitude*.

decrep'itude *n.* (די-קרעפּ'-אי-טיוד)
צובראָכענקייט, אָבגעלעבטקייט, שוואַכקייט
פון יאהרען.

decrescen'do *n.* (די-קרע-שען'-דאָ)
אין מוזיק — אַן אַריבערגאַנג פון אַ הוי-
כען טאָן צו אַ זאַנפטען.

decres'cent *a.* (די-קרעס'-ענט) קלענער
ווערענדיג; זיך פערמינדערענדיג.

decre'tal *n.* and *a.* (די-קרי'-טעל) וואָס
ענטהאַלט דעקרעטען; וואָס איז שייך צו
אַ דעקרעט אָדער אוקאַז; אַ בריעף פון
דעם פּאַפּסט וואָס ענטהאַלט אַ דעקרעט ווע-
גען קירכליכע ענינים; אַ זאַמעל-בוך פון
דעקרעטען אָדער אוקאַזען.

Decre'tals *n.* (די-קרי'-טעלז) דער צווייי-
טער טייל פון די קאַנאָנישע געזעצע, וועל-
כער ענטהאַלט פערשיעדענע ערקלערונגען
און בעשטימונגען פון פּאַפּסטען וועגען
קירכען-רעכט. ז. *canon law*.

decre'tist *n.* (די-קרי'-טיסט) אַ סטודענט
פון יוריספּרודענץ אין די אַמאָליגע אַלטע
אוניווערזיטעטען, איבערהויפּט אַזעלכער
וואָס האָט שטודירט קירכען-געזעצע.

decre'tive *a.* (די-קרי'-טיוו) וואָס האָט
די מאַכט פון אַ דעקרעט אָדער בעפעהל.

dec'retorily *adv.* (דעק'-רי-טאָ-רי-לי)
אויף אַ בעשטימטען, ענטשיידענעם אופן.

dec'retory *a.* (דעק'-רי-טאָ-רי) ענטשיי-
דענד; בעשטימט דורך אַ דעקרעט אָדער
אוקאַז.

decri'al *n.* (די-קראַי'-על) דאָס אַראָב-
רייסען אָדער אַראָבקריטיקירען; דאָס מאַ-
כען צו נאַרנישט דורך קריטיק; אַ פער-
ניכטענדע קריטיק; אַ שטאַרקע טאַדלונג.

decri'er *n.* (די-קראַי'-ער) אַן אַראָברייי-
סער, אַ קריטיקער וואָס מאַכט צו נאַר-
נישט; אַ פערניכטענדער קריטיקער; אַ
שטרענגער טאַדלער.

decry' *v.* (די-קראַי') אַראָב-
אַראָברייסען, טאַדלען; פערדאַמען; מאַכען
צו נאַרנישט.

decuba'tion *n.* (די-קיו-ביי'-שאָן) דאָס
ליעגען, דאָס ליעגען אויסגעצויגען אָדער
אויסגעשטרעקט; דאָס זיין אַנגעלעהנט.

decu'bital *a.* (די-קיו'-בי-טעל) וואָס
איז שייך צו דער דעקיוביטוס-קראַנקהייט
[געשווירען אויף די זייטען, וועלכע קו-
מען פון לאַנג ליעגען אויף'ן קראַנקען-
בעט].

decu'bitus *n.* (די-קיו'-בי-טאָס) די פּאָזע
פון אַ קראַנקען ווען ער ליעגט אין בעט;
דעקיוביטוס-קראַנקהייט [געשווירען אויף
די זייטען, וועלכע קומען פון לאַנג ליעגען
אויף'ן קראַנקען-בעט].

decum'bence *n.* (די-קאָמ'-בענס) דאָס
ליעגען; דאָס ליעגען אויסגעשטרעקט אָדער
אויסגעצויגען; דאָס זיין אַנגעלעהנט.

decum'bency *n.* (די-קאָמ'-בען-סי)
ז. *decumbence*.

decum'bent *a.* (די-קאָמ'-בענט) אויס-
געשטרעקט; ליעגענדיג; אַנגעלעהנט.

decum'bently *adv.* (די-קאָמ'-בענט-לי)
ליעגענדיג; אויף אַן אַנגעלעהנטען אופן.

dec'uple *n.*, *a.* and *v.* (דעק'-יופּל)
צעהנפאַכיג; אַ צאָהל וואָס איז צעהן מאָל
פערגרעסערט; צעהנפאַך פערגרעסערען.

decu'rion *n.* (די-קיו'-רי-אָן) אַ פערזיי-
טיגער רוימישער אָפיציער איבער צעהן
סאָלדאַטען; אַ קאָמאַנדיר פון צעהן [שר
עשרה].

decur'rency *n.* (די-קאָר'-ען-סי) די
פערלענגערונג פון אַ בלאַט נאָך אונטען,
וואו ער וואַקסט זיך צוזאַמען מיט'ן שטאַם
פון דער פלאַנצע.

decur'rent *a.* (די-קאָר'-ענט) וואָס
לויפט נאָך אונטען [וועגען בלעטער וועל-
כע זיינען פערלענגערט נאָך אונטען וואו
זיי וואַקסען זיך צוזאַמען מיט דעם שטאַם
פון דער פלאַנצע].

decur'sion *n.* (די-קויר'-שאָן) דאָס
אַראָבפליסען פון אַ שטראָם אָדער טייך.

decur'sive *a.* (די-קויר'-סיוו) וואָס
פליסט אַרונטער.

decur'sively *adv.* (די-קויר'-סיוו-לי)
אויף אַן אַראָבפליסענדען אופן.

decurt' *v.* (די-קוירט') קורץ; אָבשניידען
פערקירצען, אָבקירצען.

decur'tate *a.* and *v.* (די-קויר'-טייט)
קורץ אָבגעשניטען; אָבגעקירצט, פער-
קירצט; קורץ אָבשניידען; אָבקירצען, פער-
קירצען.

decurta'tion *n.* (די-קויר-טיי'-שאָן)
דאָס פערקירצען אָדער אָבקירצען; פער-
קירצונג, אָבקירצונג.

decurva'tion *n.* (די-קויר-וויי'-שאָן)

דאס זיין געבויגענע אדער געקרימט נאך אונטען אדער אראב־צו.

decur'vature *n.* (די-קויר'-וועטשור) ז. ***decurvation***

decurve' *v.* (די-קוירוו') אויסקרימען נאך אונטען, איינבויגען אראב־צו.

decurved' *a.* (די-קוירווד') געבויגען אדער געקרימט נאך אונטען.

dec'ury *n.* (דעק'-יו-רי) א מיליטערישע אבטיילונג פון צעהן סאלדאטען אין אלטען רוים.

decus'sate *v. and a.* (די-קאס'-אייט) דורכקרייצען; קרייצפערמיג דורכשניידען; דורכשניידען; דורכגעקרייצט; קרייצפערמיג; וואס האט די בלעטער אין א קרייצפערמיגער לאגע [יעדע צוויי פאר בלעטער קרייצען זיך איבער].

decus'sated *a.* (די-קאס'-איי-טעד) דורכגעקרייצט; קרייצפערמיג; האבענדיג די בלעטער אין א קרייצפערמיגער לאגע. ז. ***decussate***

decus'sately *adv.* (די-קאס'-אייט-לי) אויף א דורכגעקרייצטען אדער דורכגעשניטענעם אופן.

decussa'tion *n.* (די-קא-סיי'-שאן) דאס דורכשניידען, דאס דורכקרייצען.

decus'sative *a.* (די-קאס'-איי-טיוו) דורכשניידענדיג, דורכקרייצענדיג.

decus'satively *adv.* (די-קאס'-איי-טיוו-לי) אויף א קרייצפערמיגען אופן; אויף דעם אופן פון א X.

de'dal *a.* (די'-דעל) קינסטליך, קונסטפאל; ניט אויפריכטיג; כיטרע.

deda'lian *a.* (די-דיי'-לי-ען) ז. ***dedal***

ded'alous *a.* (דעד'-ע-לאס) ווי א לאבארינט; פערווירט, פערפלאנטערט, פערוויקעלט; קינסטליך, קונסטפאל; ניט אויפריכטיג.

ded'icant *n.* (דעד'-אי-קענט) איינער וואס ווייהעט איין [א מענשען, א טעמפעל א. ד. ג.]; איינער וואסווידמעט [עטוואס צו אימעצען].

ded'icate *v.* (דעד'-אי-קייט) 1. איינוויהען [ווי מאכען א חנוכת הבית]; 2. ווידמען [א שריפט, א ווערק א. ד. ג. צו אימעצען]; 3. פרייוויליג אבטרעטען פריוואט־אייגענטום צו קהל.

2. The author dedicated his work to his wife. 3. He dedicated his fortune to the public.

dedica'tion *n.* (דעד-אי-קיי'-שאן) איינווייהונג [ווי חנוכת הבית]; ווידמונג; א פרייוויליגע אבטרעטונג פון פריוואט אייגענטום פאר די נוצען פון קהל.

ded'icator *n.* (דעד'-אי-קיי-טאר) איינער וואס ווידמעט עפעס צו אימעצען.

dedicato'rial *a.* (דעד-אי-קיי-טאו'-רי-על) ז. ***dedicatory***

ded'icatory *a.* (דעד'-אי-קיי-טא-רי) וואס האט דעם כאראקטער פון א ווידמונג.

ded'imus *n.* (דעד'-אי-מאס) אן ערלויבניש, וואס מען גיט א פריוואט־פערזאן צו ערפילען פונקציעס, וואס א ריכטער האט, ווי אויספרעגען עדות א. ד. ג.

dédit' *n.* (דיי-די') שטראף־געלד וואס ווערט ארויפגעלעגט אין פראנקרייך אדער אין קאנאדא אויף איינעם וואס האט געבראכען א קאנטראקט.

dedola'tion *n.* (דעד-א-ליי'-שאן) דאס אראבשניידען פלייש פון קערפער; א וואונד, בעזאנדערס א קאפ־וואונד, וואס קומט פון אראבשניידען א שטיק פלייש.

de do'mo reparan'do (די דאו'-מאו רעפ-ע-רענ'-דאו) א שריפט וואס ווערט אימעצען ארויסגעגעבען פון געריכט געגען זיין שכן, וועמענס הויז איז אין געפאהר איינצופאלען, אז ער זאל מאכען די נויטיגע רעפאראטורען און אבשאפען די געפאהר.

deduca'tion *n.* (דעד-יו-קיי'-שאן) א פערפיהרעניש; א ווענדונג אין א פאלשער ריכטונג.

deduce' *v.* (די-דיוס') דעדוצירען, ארויסדרינגען עפעס פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער פאקט; ציהען א שלום.

deduce'ment *n.* (די-דיוס'-מענט) א דעדוקציאן, א לאגישער ארויסגעדרונגענער שלוס; אן ארויסגעדרונגענע בעהויפטונג.

deducibil'ity *n.* (די-דיו-סי-ביל'-אי-טי) דאס קענען דעדוצירט אדער לאגיש ארויסגעדרונגען ווערען פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער בעקאנטער טהאטזאך.

dedu'cible *a.* (די-דיו'-סיבל) וואס קען דעדוצירט אדער ארויסגעדרונגען ווערען פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער פאקט.

dedu'cibleness *n.* (די-דיו'-סיבל-נעס) ז. ***deducibility***

dedu'cive *a.* (די-דיו'-סיוו) דעדוצירענד, ארויסדרינגענד.

deduct' *v.* (די-דאקט') אבציהען, אראברעכענען.

Deduct the freight charges from the amount of profits.

deduc'tible *a.* (די-דאק'-טיבל) וואס קען אבגערעכענט אדער אבגעצויגען ווערען.

deduc'tio ad impos'sibile (די-דאק'-שי-או עד אים-פאס'-אי-בי-לע) דאס ארויסשטעלען די פאלשקייט פון א היפאטעזע אדער בעהויפטונג דורך דאס בעווייזען, אז די געמאכטע היפאטעזע אדער בעהויפטונג פיהרט צו אזא שלוס, וועלכער איז בעקאנט פאר ניט ריכטיג.

deduc'tion *n.* (די-דאק'-שאן) א דעדוקציאן, דאס ארויסדרינגען א שלוס פון א בעקאנטען פרינציפ; א לאגישער ארויסגעדרונגענער שלוס פון א בעקאנטען פרינציפ; דאס אבציהען, דאס אראברעכענען.

deduc'tion of a claim (די-דאק'-שאן אוו ע קליים) דאס בעווייזען די ריכטיגקייט אדער דאס רעכט פון א פאדערונג אין געריכט דורך א לאגישער ארויסדרינגונג פון די פרינציפען פון געזעץ אדער יושר.

deduc'tive *a.* (די-דאק'-טיוו) דעדוקטיוו, ארויסגעדרונגען פון א געוויסען פרינציפ אדער געדאנק; געבויט אויף א שלוס, וועלכער איז ארויסגעדרונגען פון א געוויסען פרינציפ אדער געדאנק.

deduc'tively *adv.* (די-דאק'-טיוו-לי) דורך דעדוקציאן, דורך ארויסדרינגען פון אן אלגעמיינעם פרינציפ.

deed *n. and v.* (דיעד) א טהאט, א האנדלונג; א דאקומענט; א געשריבענער קאנטראקט; א פערקויפס־קאנטראקט פון הייזער אדער לאנד; איבערטראגען הייזער אדער לאנד צו אימעצען דורך א קאנטראקט.

deed'-box *n.* (דיעד'-באקס) א קעסטעל אין וועלכען מען האלט דאקומענטען.

deed'ful *a.* (דיעד'-פול) טהעטיג, פול מיט טהעטיגקייט, פול מיט גרויסע טהאטען.

deed'less *a.* (דיעד'-לעס) אונטהעטיג; וואס האט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט גרויסע טהאטען.

deed of bar'gain and sale (דיעד אוו באר'-גיין ענד סייל) א שטר־מכירה אדער קויף־קאנטראקט אויף הייזער אדער לאנד.

deed of part'nership (דיעד אוו פארט'-נער-שיפ) אן אבמאך פון שותפות.

deed of trust (דיעד אוו טראסט) א פאלמאכט; א בעפאלמעכטיגונג פון אן אפעקון.

deeds of arms (דיעדז אוו ארמז) העלדישע טהאטען אויף'ן שלאכטפעלד.

deed to (דיעד טו) איבערשרייבען אויף אימעצענס נאמען, איבערלאזען בירושה.

He deeded his entire estate to his eldest son.

dee'dy *n.* (דיע'-די) א היהנדעל.

deem *v.* (דיעם) דענקען, רעכענען, טראכטען, מיינען; אורטיילען.

I deemed it prudent to be silent.

deem'ster *n.* (דיעמ'-סטער) א ריכטער, א שופט; אן אויסגעקליבענער ריכטער אויף די אינזלען דזשוירסי און מען.

deep *n., a. and adv.* (דיעפ) 1. טיעף, טונקעל [וועגען פארבען], שטארק; אונפערשטענדליך, שווער צו בעגרייפען; 2. הארציג, ערנסט; 3. גרינדליך; כיטרע, פאלש, פעררעטעריש, פערבארגען, געהיים; 4. עטוואס זעהר טיעפעס; טיעפקייט; דער מיטעלפונקט, דער שטארקסטער פונקט; 5. דער ים, דער אקעאן; דער אבגרונד 6 א טיעף געהיימניס, א סוד.

1. O Lord, thy thoughts are very deep. 2. Her deep prayers rose to heaven. 3. He is a deep schemer.

deep'-brained *a.* (דיעפ'-בריינד) טיעפזיניג, גייסטרייך.

deep'-browed *a.* (דיעפ'-בראוד) וואס האט א טיעפען שכל.

deep'-draw'ing *a.* (דיעפ'-דראה'-אינג) וואס שטעהט טיעף אין וואסער [וועגען א שיף].

dee'pen *v.* (דיעפען) פערטיעפען, פערשטארקען, פערגרעסערען; מאכען גערינגער; מאכען טונקעלער [א פארב]; מאכען נידריגער דעם טאן; ווערען טיעפער; ווערען טונקעלער.

deep'-felt *a.* (דיעפ'-פעלט) טיעף דורכגעפיהלט.

His deep-felt words reached every one's heart.

deep fem'oral ar'tery (דיעפ פעמ'-א-רעל אר'-טע-רי) די הויפט ארטעריע אין דעם הינטערשטען טייל פון פאלקע. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

deep ga'ming (דיעפ גיי'-מינג) אן אזארטנער [ליידענשאפטליכער] שפיעל.

deep'-green *a.* (דיעפ'-גריען) טונקעלגרין.

deep in (דיעפ אין) זיך פערטיעפען, זיך ארייננטהאן.

The society is deep in the mysteries of occult science.

deep in the mire (דיעפ אין טהי מאיר) טיעף אין דער בלאטע; אין א גרויסער פערלעגענהייט.

deep'ly *adv.* (דיעפ'-לי) טיעף, שטארק, ליידענשאפטליך, גרינדליך; מיט א נידריגען טאן.

deep'ly indebt'ed (דיעפ'-לי אינ-דעט'-עד) שטארק פערפליכטעט; דאנקשולדיג.

I feel deeply indebted to you for your many kindnesses.

deep'ly in debts (דיעפ'-לי אין דעטס) איבער'ן קאפ אין חובות.

deep'ly roo'ted (דיעפ'-לי רוה'-טעד) טיעף איינגעווארצעלט.

Hero worship is deeply rooted in human nature.

deep′ly versed in (דיעפּ′-לי ווערסט אין) שטארק בעלעזען, גוט בעקאנט מיט אן ענין.
He is deeply versed in literature.

deep′-mouthed *a.* (דיעפּ′-מאוטהט) מיט א טיעפער, שטארקער שטימע; טיעף און שטארק ווי דאס בילען פון א הונד.

deep′ness *n.* (דיעפּ′-נעס) טיעפקייט, טיעפעניס.

deep′-piled *a.* (דיעפּ′-פּאילד) טיעף-האריג ווי פּלוש אדער סאמעט.

deep′-roo′ted *a.* (דיעפּ′-רוה′-טעד) טיעף איינגעווארצעלט.

deep′-sea *a.* (דיעפּ′-סיע) וואס איז שייך צו די טיעפערע ערטער פון ים.

deep′-sea lead′-line (דיעפּ′-סיע לעד′-לאין) א לאנגער שטריק צו וועלכען עס איז צוגעבונדען א שווערע שטיק בליי, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די טיעפע-ניס פון ים.

deep′-sea soun′ding-machine′ (דיעפּ′-סיע סאונ′-דינג-מע-שין′) א מא-שין צו מעסטען די טיעפעניס פון ים.

deep′-sea′ted *a.* (דיעפּ′-סיע′-טעד) 1. טיעף-זיצענדיג, איינגעפאלען; 2. טיעף-איינגעווארצעלט.
1. A strange fire burned in her **deep-seated** eyes. 2. **Deep-seated** prejudices are not easily rooted out.

deep sense (דיעפּ סענס) א טיעפע בעדייטונג.

deep′-set *a.* (דיעפּ′-סעט) טיעף ארייג-געזעצט, טיעף זיצענד.
He has **deep-set** eyes.

deep′-set′ting *n.* (דיעפּ′-סעט′-אינג) א מעטאדע אין מילך-ווירטשאפטען אראב-צונעהמען סמעטענע אדער שמאנט פון מילך דורך דעם וואס די מילך ווערט גע-גאסען אין טיעפע קאנען וועלכע ווערען אבגעקיהלט אויף אייז אדער אין קאלטען וואסער.

deep′-toned *a.* (דיעפּ′-טאונד) פון א נידריגען, טיעפען טאן.

deer *n.* (דיער) א הירש.

Deer

deer′-field *n.* (דיער′-פיעלד) ז. ***deer-fold***.

deer′-fold *n.* (דיער′-פאולד) א פּארק וואו מען האלט הירשען; א טהיער-גארטען.

deer′-hair *n.* (דיער′-העהר) א זומפּ-פלאנצע וואס וואקסט אין בינטלעך.

deer′-herd *n.* (דיער′-הוירד) איינער וואס האלט אדער האדעוועט הירשען.

deer′-hound *n.* (דיער′-האונד) א יאגד-הונד וועלכער ווערט בענוצט אין יאגד אויף הירשען.

deer′let *n.* (דיער′-לעט) א קליינער הירש.

deer′-mouse *n.* (דיער′-מאוס) די אמע-ריקאנער שפּרינג-מויז.

deer′-neck *n.* (דיער′-נעק) א דינער מא-גערער האלז [ווי פון א הירש].

deer′-park *n.* (דיער′-פּארק) ז. ***deer-fold***.

deer′s′-hair *n.* (דיערז′-העהר) ז. ***deer-hair***.

deer′-shot *n.* (דיער′-שאט) גרויסע שראט [מיט וועלכע מען שיסט הירשען].

deer′skin *n.* (דיער′-סקין) א הירשען-פעל; הירשען-לעדער.

deer′-stal′ker *n.* (דיער′-סטאה′-קער) א הירשען-יעגער וואס גנב′עט זיך שטי-לערהייט אונטער און נעהמט דעם הירש געפאנגען.

deer′-stal′king *n.* (דיער′-סטאה′-קינג) שטילע הירש-יאגד. ז. ***deer-stalker***.

deer′-stea′ling *n.* (דיער′-סטיע′-לינג) פערבאטענע הירשען-יאגד אויף פרעמדען לאנד.

deer′s′-tongue *n.* (דיערז′-טאנג) אזא אמעריקאנער פלאנצע מיט דיקע פליישיגע בלעטער וועלכע האבען זעהר אן אנגענעה-מען ריח ווען זיי ווערען געטריקענט.

deer′-ti′ger *n.* (דיער′-טאי′-גער) ז. ***cougar***.

dee′sis *n.* (דע-אי′-סיס) דאס אנרופען גאט.

deev *n.* (דיעוו) א בייזער גייסט; א שליח פון אכרימאן, דעם גאט פון פינסטערניס און שלעכטס [אין דער פערזישער מיטא-לאגיע].

deface′ *v.* (די-פייס′) 1. צוקאליעטשען, פערדארבען; 2. אבמעקען; אויסשטריי-כען, אויסקראצען.
1. Children are in the habit of **defacing** their school desks.

deface′ment *n.* (די-פייס′-מענט) דאס צוקאליעטשען, דאס פערדארבען; דאס אב-מעקען, דאס אויסקראצען.

defa′cer *n.* (די-פיי′-סער) א פערדאר-בער, א פערטיליגער; איינער וואס צוקא-ליעטשעט.

defa′cingly *adv.* (די-פיי′-סינג-לי) פער-דארבענדיג, צוקאליעטשענדיג.

de fac′to (דע פעק′-טאו) פאקטיש, אין דער ווירקליכקייט, אין אמת′ן.
The election being still contested, Mr. X is the **de facto** governor.

def′æcate *v.* (דעפ′-אי-קייט) ז. ***defecate***.

defæca′tion *n.* (דעפ-אי-קיי′-שאן) ז. ***defecation***.

defal′cate *v.* (די-פעל′-קייט) זיין שולדיג אין פערכאפּען אנפערטרויטעס געלד; פער-לייקענען אדער פערכאפּען פרעמדעס אנ-פערטרויטעס געלד; אראברעכענען, אראב-נעהמען.

defalca′tion *n.* (די-פעל-קיי′-שאן) דאס פערלייקענען אדער פערכאפּען אנפערטרוי-טעס געלד.
A **defalcation** was found in the treasurer's accounts.

def′alcator *n.* (דעפ′-על-קיי-טאר) איי-נער וואס פערשווינדעלט אנפערטרויטעס געלד.

defalk′ *v.* (די-פאהלק′) אראבשניידען, אראבנעהמען.

defama′tion *n.* (דעפ-ע-מיי′-שאן) דעפעמאציע, א פערלוימדונג; רכילות.

defam′atory *a.* (די-פעמ′-ע-טא-רי) פערלוימדעריש.

defam′atory li′bel (די-פעמ′-ע-טא-רי לאי′-בעל) א פאסקוויל, א פערלוימדע-רישע, בעליידיגענדע שריפט.

defame′ *v.* (די-פיים′) אנ-פערלוימדען; ריידען אויף אימיצען רכילות.

defamed′ *a.* (די-פיימד′) בעפערלוימדעט.

defa′mer *n.* (די-פיי′-מער) א פערלוימ-דער; א רכילות′ניק; א פאסקווילען-שריי-בער.

defa′ming *n.* (די-פיי′-מינג) דאס בעי-ריידען; פערלוימדונג.

defa′mingly *adv.* (די-פיי′-מינג-לי) אויף א פערלוימדערישען אופן.

default′ *n. and v.* (די-פאהלט′) א פער-זעהען; א פערנאכלעסיגונג; א מאנגעל; א פעהלער; פערזעהען אדער פערנאכלע-סיגען; פערפעהלען; פערנאכלעסיגען צו ערפילען פערפפליכטונגען [ווי בעצאהלען א חוב, קומען אין געריכט ווען מען ווערט גערופען א. ד. ג.].
Because he failed to answer the summons the case was decided against the defendant by **default**.

defaul′ter *n.* (די-פאהל′-טער) איינער וואס ערפילט ניט זיינע פערפפליכטונגען [צאהלט ניט זיין חוב, קומט ניט אין גע-ריכט, ווען ער ווערט גערופען א. ד. ג.].

defea′sance *n.* (די-פיע′-זענס) דאס אונגילטיג מאכען, דאס מבטל זיין; דאס צו-נישט מאכען [ווי א קאנטראקט, א דא-קומענט א. ד. ג.].

defea′sible *a.* (די-פיע′-זיבל) וואס קען צו-נישט געמאכט ווערען, וואס קען אונ-גילטיג געמאכט ווערען.

defea′sibleness *n.* (די-פיע′-זיבל-נעס) דאס קענען אבגעשאפט ווערען, דאס קע-נען געמאכט ווערען אונגילטיג.

defea′sible ti′tle (די-פיע′-זיבל טאיטל) א רעכט וואס קען געמאכט ווערען אונ-גילטיג.

defeat′ *n. and v.* (די-פיעט′) מנצח זיין; א תל מאכען [פון אן ארמעע]; צו-נישט מאכען, מבטל זיין; צושטערען [האפנונ-גען, פּלענער א. ד. ג.]; א מפּלה, א נידער-לאגע; די צושטערונג [פון האפנונגען, פּלענער א. ד. ג.].

defea′ture *n.* (די-פיע′-טשור) דאס מא-כען אונגילטיג, דאס פערניכטען, דאס מבטל זיין, דאס צושטערען.

def′ecate *v. and a.* (דעפ′-אי-קייט) לייטערען, קלאר מאכען; זיך לייטערען, ריין ווערען; געלייטערט; ריין.

defeca′tion *n.* (דעפ-אי-קיי′-שאן) ריי-ניגונג, לייטערונג; דאס אברייניגען דעם מאגען; דאס געהן אויף נקיות.

def′ecator *n.* (דעפ′-אי-קיי-טאר) איי-נער אדער עטוואס וואס רייניגט.

defect′ *n.* (די-פעקט′) א דעפעקט, א פעהלער, א מום; מאנגעל.
Upon examination the plan was found full of **defects**.

defectibil′ity *n.* (די-פעק-טי-ביל′-אי-טי) אונפאלקאמענהייט; פעהלערהאפטיג-קייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

defec′tible *a.* (די-פעק′-טיבל) אונפאל-קאמען, אונפאלשטענדיג; פעהלערהאפט; מאנגעלהאפט.

defec′tibleness *n.* (די-פעק′-טיבל-נעס) אונפאלקאמענהייט; פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

defec′tion *n.* (די-פעק′-שאן) א פעהלער, א פערזעהען, א פערנאכלעסיגונג; אבטרי-ניגקייט [פון גלויבען, פפליכטען א. ד. ג.]; דאס אונטריי ווערען.

defec′tive *n. and a.* (די-פעק′-טיוו) מאנגעלהאפט, פעהלערהאפט, ניט פאלקאם; א קאליקע, א פערקריפּעלטער [פיזיש אדער גייסטיג].
He is **defective** in speech.

defec′tively *adv.* (די-פעק′-טיוו-לי) אויף אן אונפאלקאמענעם אופן; אויף א פעהלערהאפטען אדער מאנגעלהאפטען אופן.

defec'tiveness *n.* (די-פעק'-טיוו-נעס) מאנגעלהאפטיגקייט ; פעהלערהאפטיגקייט ; אונפאלקאמענהייט.

defect'less *a.* (די-פעקט'-לעס) אהן א דעפעקט, אהן א פעהלער, אהן א מום.

defence' *n.* (די-פענס') דאס פערטיידיגען, א פערטיידיגונג ; א ווידערשטאנד ; א פערטיידיגונגס=רעדע ; א פערטיידיגונגס=שריפט ; א פערטיידיגונגס=מיטעל, א שוץ=וואפע ; די פערטיידיגונגס=קונסט.

defence'less *a.* (די-פענס'-לעס) שוצלאז ; וועהרלאז, אונבעוואפענט ; שוואך.

defence'lessly *adv.* (די-פענס'-לעס-לי) אויף א שוצלאזען אדער וועהרלאזען אופן.

defence'lessness *n.* (די-פענס'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט, וועהרלאזיגקייט.

defend' *v.* (די-פענד') פערטיידיגען, בעשיצען ; זיך שטעלען ענטגעגען.

defen'dable *a.* (די-פענ'-דעבל) וואס קען פערטיידיגט אדער געשיצט ווערען.

defend' against' (די-פענד' ע-גענסט') בעשיצען פון...

defen'dant *n. and a.* (די-פענ'-דענט) דער אנגעקלאגטער צד ; אן אנגעקלאגטער; וואס דארף זיך פערטיידיגען.

defendee' *n.* (די-פענ-דיע') איינער וואס ווערט פערטיידיגט.

defen'der *n.* (די-פענ'-דער) א שיצער, א פערטיידיגער ; אן אדוואקאט.

defend' from (די-פענד' פראם) בעשיצען פון...

defen'dress *n.* (די-פענ'-דרעס) א פערטיידיגערין, א בעשיצערין.

defen'sative *n.* (די-פענ'-סע-טיוו) עטוואס וואס שיצט ; א שוץ, א פערטיידיגונג.

defense' *n.* (די-פענס') דאס פערטיידיגען ; א פערטיידיגונג ; א ווידערשטאנד ; א פערטיידיגונגס=רעדע; א פערטיידיגונגס=שריפט ; א פערטיידיגונגס=מיטעל ; א שוץ=וואפע ; די פערטיידיגונגס=קונסט.

defense'less *a.* (די-פענס'-לעס) שוצלאז, וועהרלאז, אונבעוואפענט ; שוואך.

defense'lessly *adv.* (די-פענס'-לעס-לי) אויף א שוצלאזען אדער וועהרלאזען אופן.

defense'lessness *n.* (די-פענס'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט, וועהרלאזיגקייט.

defensibil'ity *n.* (די-פענ-סי-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו קענען פערטיידיגט ווערען.

defen'sible *a.* (די-פענ'-סיבל) ז. ***defendable***

defen'sibleness *n.* (די-פענ'-סיבל-נעס) ז. ***defensibility***

defen'sive *n. and a.* (די-פענ'-סיוו) וואס נוצט אלס פערטיידיגונג אדער שוץ ; פערטיידיגענד ; א פערטיידיגונג, א שוץ.

defen'sively *adv.* (די-פענ'-סיוו-לי) אויף א פערטיידיגענדען אדער שיצענדען אופן.

defen'sor *n.* (די-פענ'-סאר) א פערטיידיגער, א שיצער ; אן אדוואקאט ; אן אנגעקלאגטער.

defen'sory *a.* (די-פענ'-סא-רי) וואס פערטיידיגט, וואס שיצט.

defer' *v.* (די-פויר') 1. אבלעגען ; פערציהען ; 2. זיך אונטערווארפען אימעצענס מיינונג ; נאכגעבען ; איבערלאזען אן אנדערען צו אורטיילען ; פערלאזען זיך אויף יענעמס מיינונג.

1. He defers his departure. 2. I defer to your wishes.

def'erence *n.* (דעפ'-ער-ענס) דאס נאכגעבען ; דאס אונטערווארפען זיך אונטער אימעצענס מיינונג ; די אונטערווארפונג, אונטערווארפענהייט ; אכטונג.

def'erence to (דעפ'-ע-רענס טו) אכטונג צו אימעצען.

It was in deference to your grandfather that I raised no objections to your plan.

def'erent *n. and a.* (דעפ'-ע-רענט) פיהרענדיג, איבערטראגענדיג ; עפעס וואס פיהרט אדער לייטעט ; א פליסיגקייטס=קאנאל אין מענשליכען קערפער [ווי בלוט=געפעס א. ד. ג.].

deferen'tial *a.* (דעפ-ע-רענ'-שעל) 1. וואס דריקט אויס רעספעקט אדער אונטערווארפענהייט צו אימעצען ; 2. וואס פיהרט, וואס לייטעט [וועגען די פליסיגקייטס=קאנאלען אין מענשליכען קערפער].

1. His manner is ever deferential.

deferen'tially *adv.* (דעפ-ע-רענ'-שעל-אי) אויסדריקענדיג רעספעקט אדער אונטערווארפענהייט; מיט רעספעקט, מיט אונטערווארפענהייט.

defer'ment *n.* (די-פויר'-מענט) דאס אבלעגען [אויף שפעטער].

deferred' annu'ity (די-פוירד' ע-ניו'-אי-טי) רענטע, וואס מען הויבט אן אויסצוצאהלען יעהרליך ערשט פון א בעשטימטער צייט אן.

deferred' bonds (די-פוירד' באנדז) ווערטה=פאפיערען אדער אקציעס וואס די פראצענטען אויף זיי פאנגען זיך אן צו הויבען ערשט פון א געוויסען טערמין.

deferred' en'try (די-פוירד' ענ'-טרי) אן אפענער פאסטען, וואס איז נאך ניט פערשריבען אין קאנטא=בוך [אין בוך=פיהרונג].

deferred' pay (די-פוירד' פיי) א נעהאלט פון צוויי פענים א טאג וואס ווערט געצאהלט אין ענגלאנד צו סאלדאטען פון דער ארמעע ווען זיי טרעטען ארויס פון דיענסט.

deferred' shares (די-פוירד' שעהרז) אקציעס פון א קאמפאניע וואס בערעכטיגען זייערע קויפער צו דיווידענד נאר נאך א געוויסען טערמין.

deferred' stock (די-פוירד' סטאק) ז. ***deferred shares***

defer'rer *n.* (די-פויר'-ער) איינער וואס לעגט אב [אויף שפעטער], א פערציהער ; איינער וואס גיט זיך אונטער.

defeu'dalize *v.* (די-פיו'-דעל-איז) אוועקנעהמען די פעאדאלע פארם. ז. ***feudalism***

defi'ance *n.* (די-פאי'-ענס) אן ארויספאדערונג צום קאמפף ; ענטגעגנונג ; דאס שטעלען זיך ענטקעגען ; א ווידערשטאנד; פעראכטונג צו געפאהר אדער צו ווידערשטאנד.

defi'ant *a.* (די-פאי'-ענט) ארויספאדערענדיג צום קאמפף ; שטעלענדיג זיך ענטגעגען ; ארויסצייגענדיג א ווידערשטאנד.

defi'antly *adv.* (די-פאי'-ענט-לי) מיט אן ארויספאדערונג ; דורך שטעלען זיך ענטגעגען ; ארויסצייגענדיג א ווידערשטאנד.

defi'antness *n.* (די-פאי'-ענט-נעס) דאס ארויספאדערען צום קאמפף ; דאס שטעלען זיך ענטגעגען ; דאס ארויסצייגען א ווידערשטאנד.

defi'ciency *n.* (די-פיש'-ענ-סי) מאנגעל ; מאנגעלהאפטיגקייט ; פעהלערהאפטיגקייט ; אונפאלשטענדיגקייט, אונפאלקאמענהייט.

defi'ciency in weight (די-פיש'-ענ-סי אין הווייט) דאס ניט האבען די פולע וואג.

defi'cient *a.* (די-פיש'-ענט) פעהלערהאפט ; מאנגעלהאפט ; אונפאלקאמען, אונפאלשטענדיג.

defi'ciently *adv.* (די-פיש'-ענט-לי) אויף א פעהלערהאפטען אדער מאנגעלהאפטען אופן ; אויף אן אונפאלשטענדיגען אדער אונפאלקאמענעם אופן.

def'icit *n.* (דעפ'-אי-סיט) א דעפיציט [די סומע מיט וועלכע די הוצאה איז גרעסער ווי די הכנסה].

de fi'de (די פאי'-די) וואס בעלאנגט צו דער אמונה ; אונבעדינגט.

defi'er *n.* (די-פאי'-ער) איינער וואס פאדערט ארויס צום קאמפף ; איינער וואס שטעלט זיך ענטגעגען.

defile' *n. and v.* (די-פאיל') בעשמוצען, פערראונרייניגען, בעפלעקען ; מטמא זיין ; שענדען ; פערפיהרען ; מארשירען אין שמאלע לאנגע רייהען ; א שמאלער דורכגאנג צווישען בערג, א דורכגאנג, וואס מען קען דורכגעהן נור אין שמאלע רייהען; א מארש אין שמאלע רייהען.

defile'ment *n.* (די-פאיל'-מענט) בעשמוצונג, פערראונרייניגונג, בעפלעקונג ; ענטעהרונג, שענדונג, פערפיהרונג ; דאס מטמא זיין.

defi'ler *n.* (די-פאי'-לער) איינער אדער עפעס וואס בעשמוצט אדער בעפלעקט ; א פערפיהרער, א שענדער ; איינער וואס איז מטמא.

defi'nable *a.* (די-פאי'-נעבל) דעפינירבאר, וואס קען ערקלערט ווערען, וואס קען בעשטימט ווערען.

defi'nably *adv.* (די-פאי'-נע-בלי) אויף א דעפינירבארען אדער ערקלערבארען אופן.

define' *v.* (די-פאין') דעפינירען, ערקלערען ; בעשטימען, פעסטשטעלען.

defined' *a.* (די-פאינד') דעפינירט, בעשטימט.

defi'ner *n.* (די-פאי'-נער) איינער אדער עפעס וואס דעפינירט, ערקלערט אדער בעשטימט ; א לעהר=ביכעל וואס ענטהאלט דעפיניציאנען.

def'inite *a.* (דעפ'-אי-ניט) דעפיניטיוו, בעשטימט, פעסטגעזעצט ; בעגרענעצט.

I shall await your definite answer.

def'inite ar'ticle (דעפ'-אי-ניט אר'-טיקל) דער בעשטימטער ארטיקעל אין גראמאטיק [ווי די ווערטער : דער, די, דאס].

def'initely *adv.* (דעפ'-אי-ניט-לי) אויף א דעפיניטיווען אדער בעשטימטען אופן.

def'initeness *n.* (דעפ'-אי-ניט-נעס) דאס זיין דעפינירט אדער בעשטימט ; דאס זיין גענוי ערקלערט.

def'inite num'ber (דעפ'-אי-ניט נאמ'-בער) א בעקאנטע צאהל [א צאהל נעבען וועלכער עס שטעהט דער נאמען פון די זאכען וועלכע ווערען געצעהלט, ווי 3 עפעל, 5 טישען א. ד. ג.].

"Three app.es" is a definite number.

defini'tion *n.* (דעפ-אי-ניש'-אן) א דעפיניציאן, א גענוי בעשטימטע ערקלערונג [פון אווארט אדער אויסדרוק].

defini'tional *a.* (דעפ-אי-ניש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א דעפיניציאן.

defin'itive *a.* (די-פינ'-אי-טיוו) דעפיניטיוו, בעשטימט, אויסדריקליך, ענטשיעדען, פאזיטיוו ; א ווארט וואס בעשטימט אדער בעגרענעצט [ווי די ווערטער : דער, די דאס].

defin'itively *adv.* (די-פינ'-אי-טיוו-לי) מיט בעשטימטהייט ; אויסדריקליך ; פאזיטיוו ; גענוי.

defin'itiveness *n.* (די-פינ'-אי-טיוו-

נעס) בעשטימטהייט ; אויסדריקליכקייט : ענטשיידענהייט.

defin'itude *n.* (דע-פינ'-אי-טיוד) בע־שטימטהייט, אויסדריקליכקייט.

defini'tum *n.* (דעפ-אי-נאי'-טאם) א בעשטימטע זאך.

deflagrabil'ity *n.* (דעפ-לע-גרע-ביל'-אי-טי) אין כעמיע — פערברענליכקייט ; די אייגענשאפט צוצוציהען פייער און פער־ברענט ווערען.

defla'grable *a.* (די-פליי'-גרעבל) פער־ברענליך ; וואס ציהט צו פייער.

def'lagrate *v.* (דעפ'-לע-גרייט) פער־ברענען ; פערצעהרען ; אויפפלאמען.

deflagra'tion *n.* (דעפ-לע-גריי'-שאן) אבברענונג, פערברענונג ; אויפפלאמונג.

def'lagrator *n.* (דעפ'-לע-גריי-טאר) אן אפאראט צו פערברענען מעטאלען.

deflect' *v.* (די-פלעקט') אבבויגען, אב־קעהרען אן א זייט ; אבווענדען ; זיך אב־בויגען.

The shade deflects the light.

deflec'ted *a.* (די-פלעק'-טעד) אבגעבוי־גען, אבגעקעהרט אן א זייט.

Circumstances deflected him from his original purpose.

deflec'tion *n.* (די-פלעק'-שאן) דאס אבבויגען, דאס אבקעהרען אן א זייט ; די אבקעהרונג פון דרך־הישר.

deflec'tive *a.* (די-פלעק'-טיוו) וואס פעראורזאכט אן אבבייגונג אדער אבקעה־רונג פון וועג.

deflex' *v.* (די-פלעקס') אבקעהרען אן א זייט ; אבבייגען ; אויסבויגען ארונטער־צו.

deflexed' *a.* (די-פלעקסט') אבגעבויגען, ארונטערגעבויגען.

deflex'ion *n.* (די-פלעק'-שאן) ז. *deflection*.

deflex'ure *n.* (די-פלעק'-שור) אבבויי־גונג, אבקעהרונג, אבבייגונג.

deflo'rate *a.* (די-פלאו'-רייט) אבגע־בליהט, בערויבט פון די בליטהען ; אהן בליטהען [וועגען פלאנצען].

deflora'tion *n.* (דעפ-לא-ריי'-שאן) דאס בערייבען אהן בליטהען ; דאס פערלירען די בלומען ; די אבקלייבונג פון עפעס, דאס סאמע בעסטע, דער ערשטער זאפט ; דאס שענדען [א יונגע פרויענצימער].

deflour' *v.* (די-פלאור') ז. *deflower*.

deflow'er *v.* (די-פלאו'-ער) בערויבען די בלומען אדער די שעהנקייט פון עפעס ; שענדען.

def'luent *a.* (דעפ'-לוה-ענט) וואס רינט אראב־צו, וואס געהט אראב־צו ; וואס איז צונויפגעוואקסען מיט'ן שטאם נידריגער פון דעם ארויסשפראצונגס־פונקט [וועגען פלאנצען־טייהלען]. ז. *decurrent*.

deflu'vium *n.* (די-פלוה-ווי-אם) דאס אראבפאלען [ווי די האר פון קאפ אדער די קארע פון א בוים, וואס פאלען אראב דורך א קראנקהייט].

deflux'ion *n.* (די-פלאק'-שאן) דער אב־פלוס פון ליחה אדער בלוט, א קאטאר, אן ענטצינדונג.

defo'liate *v. and a.* (די-פאו'-לי-אייט) בערויבען פון בלעטער ; אראבגרייסען די בלעטער ; וואס האט אנגעווארען די בלע־טער.

defo'liated *a.* (די-פאו'-לי-איי-טעד) ז. *defoliate*.

defolia'tion *n.* (די-פאו-לי-איי'-שאן) די אבפאלונג פון די בלעטער.

defo'liator *n.* (די-פאו'-לי-איי-טאר) דאס וואס פערניכטעט די בלעטער פון ביי־מער [אי געוויסע אינזעקטען].

deforce' *v.* (די-פאורס') פערהאלטען א גוט מיט געוואלד ; עפעס בעזיצען געגען גע־זעץ, ניט צולאזען דעם אמת'ען אייגענטי־מער.

deforce'ment *n.* (די-פאורס'-מענט) דאס פערהאלטען לאנד אדער הייזער, אויף וועלכע אן אנדערער האט א רעכט.

defor'ciant *n.* (די-פאור'-שיענט) איי־נער וואס האט פערכאפט פרעמדע ערד און וויל זי ניט אבגעבען דעם אייגענטימער.

deforcia'tion *n.* (די-פאור-שי-איי'-שאן) דאס פערכאפען מיט געוואלד אייגענטום פאר א חוב.

defor'est *v.* (די-פאר'-עסט) אויסהאקען די וועלדער ; אבריינינגען א געגענד פון די וועלדער.

deforesta'tion *n.* (די-פאר-עס-טיי'-שאן) דאס אויסהאקען די וועלדער.

deform' *v.* (די-פארם') פערדארבען די געשטאלט פון עפעס ; מאכען א מום, פער־קריפלען ; מאכען העסליך ; אומוואנדלען, ענדערען די פארם.

deforma'tion *n.* (דעפ-אר-מיי'-שאן) דאס פערדארבען די געשטאלט פון עפעס ; דאס מאכען א מום, פערקריפלונג ; מיאוס־קייט, העסליכקייט ; אומוואנדלונג.

deformed' *a.* (די-פארמד') העסליך, מיאוס ; מיט א מום, פערקריפעלט.

On account of the accident he has a deformed hand.

defor'medly *adv.* (די-פאר'-מעד-לי) אויף א העסליכען שטייגער ; דורך פער־קריפלונג.

defor'medness *n.* (די-פאר'-מעד-נעס) מיאוס'קייט, העסליכקייט, פערקריפלונג.

defor'mer *n.* (די-פאר'-מער) איינער וואס מאכט א תל פון א זאך, פערדארבט איהר פארם.

defor'mity *n.* (די-פאר'-מי-טי) העס־ליכקייט, מיאוסקייט, פערזעהעניש ; פער־קריפלונג.

defraud' *v.* (די-פראהד') אב־בעטריגען, נארען.

defrau'der *n.* (די-פראה'-דער) א בע־טריגער, א שווינדלער.

defraud' the cus'toms (די-פראהד' טהי קאס'-טאמז) ניט צאהלען קיין פאשלי־נע [גרענעץ־אבצאהל] דורך א שווינדעל.

defray' *v.* (די-פריי') בעצאהלען פאר עפעס ; דעקען אייגעמס הוצאות.

The committee agreed to defray the expenses of the speaker.

defray'al *n.* (די-פריי'-על) דאס בע־צאהלען, דאס סילוק'ן ; דאס דעקען איי־נעמס הוצאות.

defray'er *n.* (די-פריי'-ער) איינער וואס בעצאהלט אדער קוויטירט די אויסגאבען.

defray'ment *n.* (די-פריי'-מענט) בע־צאהלונג ; קוויטירונג ; דאס דעקען די הוצאות.

deft. *defendant* אבקירצונג פון

deft *a.* (דעפט) פלינק, געשיקט, געשייט, בריה'ש.

Her deft hands made this beautiful design.

def'terdar *n.* (דעפ'-טער-דאר) דער גרויס־שאצמייסטער [קאזנאטשיי] אין טירקיי.

deft'ly *adv.* (דעפט'-לי) געשיקט, פלינק, מעשה בריה.

deft'ness *n.* (דעפט'-נעס) פלינקקייט, געשיקטקייט, בריה'שקייט.

defunct' *n. and a.* (די-פאנקט') 1. טויט, אויסגעלאשען [וועגען לעבען] ; 2. אונ־טערגעגאנגען, אויסגעשפיעלט ; 3. א טוי־טער, א מת.

2. The club is now defunct.

defy' *v.* (די-פאי') ארויסרופען א געגנער צום קאמפף ; וואגען ארויסצוטרעטען געגען איינעם ; ניט מורא האבען, פעראכטען.

degen'eracy *n.* (די-דזשענ'-ע-רע-סי) דאס דעגענערירען, דאס אנווערען די פריהערדיגע מעלות, דאס ווערען אלץ ערגער און ערגער ; דער אונטערגאנג, דאס פאלען אלץ נידריגער און נידריגער.

degen'erate *v. and a.* (די-דזשענ'-ע-רייט) דעגענערירען, אונטערגעהען ; ווערען געמיין ; פאלען אלץ נידריגער און נידרי־גער ; דעגענערירענד, אונטערגעהענד, פער־ליערענד אלץ מעהר פון די אייגענע מעלות ; געמיין, נידריג.

degen'erately *adv.* (די-דזשענ'-ע-רייט-לי) אויף א דעגענערירענדער אדער געמיינער ארט.

degen'erateness *n.* (די-דזשענ'-ע-רייט-נעס) די דעגענערירונג, דער צו־שטאנד, ווען די נאטירליכע אדער אריגי־נעלע אייגענשאפטען פון א זאך געהען אונטער און ווערען פערלארען.

degenera'tion *n.* (די-דזשענ-ע-ריי'-שאן) דעגענעראציאן, ענטארטונג, דער אונ־טערגאנג פון די נאטירליכע אדער אריגי־נעלע אייגענשאפטען, וועלכע זיינען כא־ראקטעריסטיש פאר א געוויסען מין אדער זאך.

degen'erative *a.* (די-דזשענ'-ע-רע-טיוו) וואס געהט אונטער ; וואס פערלירט זיינע כאראקטעריסטישע מעלות.

deglu'tinate *v.* (די-גלוה-טי-נייט) אב־קלייען, אבקלעפען ; ארויסציהען די קליי פון עפעס.

deglutina'tion *n.* (די-גלוה-טי-ניי'-שאן) דאס אבקלייען ; דאס ארויסציהען די קליי פון עפעס.

degluti'tion *n.* (דעג-לוה-טיש'-אן) דאס שלינגען, דאס איינשלינגען.

deglu'titive *a.* (די-גלוה'-טי-טיוו) וואס איז שייך צום שלינגען ; שלינגענד.

deglu'titory *a.* (די-גלוה'-טי-טא-רי) וואס דיענט צום שלינגען.

degrada'tion *n.* (דעג-רע-דיי'-שאן) דעגראדאציאן, דאס פאלען אין מעמד, דאס אראבגעזעצט ווערען פון א העכערער שטו־פע אויף א נידריגערער ; די ערנידערונג אין ראנג, אמט א. ד. ג. ; די פערקלענע־רונג פון קראפט, פון ווערטה, פון דער שטעלונג ; אין מאלעריי — דאס מאכען קלענער אדער טונקעלער געוויסע פיגורען אויף א בילד, כדי זיי זאלען אויסזעהען אז זיי שטעהען ווייטער ; אין געאלאגיע — די אראבזעצונג אדער דאס לאנגזאמע זינ־קען פון בערג און קאנטינענטען דורך די ווירקונג פון וואסער און אנדערע אורזא־כען ; אין ביאלאגיע — די דעגענעראציאן פון א מין, זיין אראבפאלען פון א העכע־רער פארם פון ענטוויקלונג צו א נידריגע־רער ; אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען — דאס אראבגעזעצט ווערען פון א העכערען קלאס אין א נידריגערען.

degrada'tional *a.* (דעג-רע-דיי'-שאנ-על) וואס דעגראדירט, וואס פאלט ארונ־טער פון א העכערער שטופע פון ענטוויק־לונג אויף א נידריגערער.

degrade' *v.* (די-גרייד') דעגראדירען, ארונטערזעצען פון א העכערען צושטאנד אויף א נידריגערען ; ערנידריגען, פערמינ־דערען אין ווערטה, אין עהרע א. ד. ג. ; ווירקען אויף דער דעגראדאציאן פון א מין ; ווירקען אויף דער אבזעצונג פון בערג און יבשה. ז. *degradation*.

degra'ded *a.* (די-גריי'-דעד) דענראַ־דירט, ערנידרינט, געפאַלען.
ז. *degradation*

degra'ding *a.* (די-גריי'-דינג) ערנידרי־גענד; ברייננענדיג צו אַ נידריגערען צו־שטאַנד; נידריג, געמיין.

degra'dingly *adv.* (די-גריי'-דינג-לי) אַראָבזעצענד; ערנידרינענד; אויף אַ ניד־ריגען, געמיינעם אופן.

degree' *n.* (די-גריע') אַ שטופע, אַ מדרגה, אַ ראַנג; די שטופע פון נאָהענטש־קייט אַדער ווייטערע קרובה'שאַפט [ווי אַ שני־בשני, שלישי־בשלישי א. ז. וו.]; אַ גראַד [אַ 360־טער טייל פון אַ קרייז]; אין גראַמאַטיק — איינע פון די דריי פער־גלייכונגס־שטופען פון די ביי־ווערטער [ווי גרויס, גרעסער, דער גרעסטער]; אין אַל־געבּרא — די פּאָטענץ [די צאָהל, וועלכע בעווייזט וויפיעל מאָל אַ געוויסע צאָהל האָט זיך גע'כפל'ט אויף זיך אַליין]; אין אַריטמעטיק — דער קלאַס, איינע פון די גרופען פון דריי ציפערען, אויף וועלכע מען צוטיילט אַ גרויסע צאָהל [ווי למשל 360,584,126]; אין מוזיק — די שטופע, דאָס אינטערוואַל [פּעריאָדען אין טאַקט].

degree' of lat'itude (די-גריע' אָוו לעט'-אי-טיוד) אַ גראַד פון אַ מערידיאַן.
ז. *meridian*

degree' of lon'gitude (די-גריע' אָוו לאָנ'-דזשי-טיוד) אַ גראַד פון אַ פּאַראַ־לעל. ז. *parallel*

degust' *v.* (די-גאַסט) פּערזוכען; האָבען אַ טעם.

degus'tate *v.* (די-גאַס'-טייט)
ז. *degust*

degusta'tion *n.* (די-גאַס-טיי'-שאַן) דאָס פּערזוכען.

dehisce' *v.* (די-היס') פּלאַצען, זיך פּאַ־נאַנדערשפּאַלטען, זיך עפענען [ווי ביי געוויסע פרוכטען פון פּלאַנצען].

dehis'cence *n.* (די-היס'-ענס) פּלאַצען, דאָס עפענען זיך [פון פּלאַנ־צען].

dehis'cent *a.* (די-היס'-ענט) פּלאַצענדיג, עפע־נענדיג זיך [ווי געווי־סע פרוכטען פון פּלאַנ־צען].

dehis'cent fruit (די-היס'-ענט פרוהט) אַ פרוכט, ביי וועלכער עס פּלאַצט אַדער עפענט זיך די איינהילונג.


Dehiscent Fruit

dehorn' *v.* (די-האָרן') אָוועקנעהמען די הערנער.

dehorta'tion *n.* (די-האָר-טיי'-שאַן) די אַבּראַטהונג, דאָס אַבּרעדען פון צו טהאָן עפּעס.

dehor'tative *a.* (די-האָר'-טע-טיוו)
ז. *dehortatory*

dehor'tatory *a.* (די-האָר'-טע-טאָ-רי) אַבּראַטהענדיג.

dehor'ter *n.* (די-האָר'-טער) דער אַב־ראַטהער.

dehumaniza'tion *n.* (די-היו-מען-אי-זיי'-שאַן) דאָס אָוועקנעהמען די מענשליכע איינגענשאַפטען; דאָס פערגראָבען, דאָס פערווילדען.

dehu'manize *v.* (די-היו'-מען-איז) אָוועקנעהמען די מענשליכע איינגענשאַפטען; פערגראָבען, פערווילדען.

dehy'drate *v.* (די-האַי'-דרייט) אין כע־מיע — אָוועקנעהמען אַדער אַרויסציהען דאָס וואַסער; פערליערען וואַסער אַדער פייכטקייט.

dehy'drater *n.* (די-האַי'-דריי-טער) דאָס וואָס נעהמט אָוועק אַדער ציהט אַרויס דאָס וואַסער.

dehydra'tion *n.* (די-האַי-דריי'-שאַן) אין כעמיע — דאָס אָוועקנעהמען דאָס וואַ־סער אַלס אַ געוויסען עלעמענט פון שטאָף.

deic'tic *a.* (דאַיק'-טיק) — די־ אין לאָגיק — די־רעקט; וואָס דרינגט אַרויס אַ שלום דורך דירעקטע בעווייזע.

deic'tically *adv.* (דאַיק'-טי-קעל-אי) דירעקט אַרויסדרינגענד; ווי איינער וואָס דרינגט אַרויס צום פּונקט.

deif'ic *a.* (די-איפ'-איק) וואָס מאַכט געטליך; געטליך.

deif'ical *a.* (די-איפ'-איק-על) ז. *deific*

deifica'tion *n.* (די-אי-פי-קיי'-שאַן) די פערגעטערונג; דאָס זיין פערגעטערט.

de'ifier *n.* (די'-אי-פאַי-ער) איינער וואָס פערגעטערט.

de'iform *a.* (די'-אי-פאָרם) ענהליך צו גאָט [בצלם אלהים].

de'ify *v.* (די'-אי-פאַי) פערגעטערען; האַלטען פאַר אַ גאָט, דינען ווי צו גאָט.

deign *v.* (דיין) ווירדיגען.
He did nothing for me. He did not even deign to answer my question.

Deinothe'rium *n.* (דאַי-נאָ-טהי'-רי-אָם) דער דינאָטעריום. ז. *Dinotherium*

Deipnos'ophist *n.* (דאַיפּ-נאָס'-אָ-פיסט) דער טיש־פילאָזאָף, איינער וואָס פיהרט אַ לומד'ישען געשפּרעך ביי אַ מאָל־צייט.

deip'otent *a.* (דע-איפ'-אָ-טענט) וואָס האָט אַ געטליכע קראַפט.

de'ism *n.* (די'-איזם) [די לעהרע] דעאיזם אַז גאָט עקזיסטירט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט ענטפּלעקט פאַר מענשען].

de'ist *n.* (די'-איסט) אַ דעאיסט, איינער וועלכער גלייבט אין גאָט, אָבער לייקענט אָב, אַז גאָט האָט זיך ווען עס איז ענט־פּלעקט פאַר מענשען; איינער וואָס לייקענט אין השגחה פּרטית.

deis'tic *a.* (די-איס'-טיק) וואָס איז שייך צום דעאיזם. ז. *deist*

deis'tical *a.* (די-איס'-טי-קעל) דעאיס־טיש. ז. *deist*

deis'tically *adv.* (די-איס'-טי-קעל-אי) אויף אַ דעאיסטישען שטייגער. ז. *deist*

de'ity *n.* (די'-אי-טי) די גאָטהייט; געט־ליכקייט; אַ זאַך וועלכע מען האַלט פאַר געטליך; אַ פערזאָן אַדער זאַך, וועלכע מען דינט ווי גאָט.

De'ity *n.* (די'-אי-טי) גאָט, דער רבונו של עולם.

dejec'ta *n.* (די-דזשעק'-טאַ) אויסלעערונג [טינוף, צאה].

dejec'ted *a.* (די-דזשעק'-טעד) נידער־געשלאָגען, בעטריבט.
The failure of his plans dejected him.

dejec'tedly *adv.* (די-דזשעק'-טעד-לי) מיט נידערגעשלאָגענהייט, מיט בעטריבט־הייט.

dejec'tedness *n.* (די-דזשעק'-טעד-נעס) נידערגעשלאָגענהייט; דאָס זיין בעטריבט.

dejec'tion *n.* (די-דזשעק'-שאַן) נידערגע־שלאָגענהייט, בעטריבטהייט; שטוהלגאַנג; די אויסלעערונג [טינוף, צאה].

dejec'tory *a.* (די-דזשעק'-טאָ-רי) ני־דערשלאָגענד; וואָס פעראורזאַכט שטוהל־גאַנג.

dejec'ture *n.* (די-דזשעק'-טשור) טינוף, צאה.

déjeuner' *n.* (דיי-זשע-ניי') פריהשטיק.

de ju're (די דזשוה'-רי) לויט מיט רעכט; געזעץ; על פּי דין.

dek'agram *n.* (דעק'-ע-גרעם)
ז. *decagram*

dek'astere *n.* (דעק'-ע-סטיר)
ז. *decastere*

Del. [אַיי־ *Delaware*] אַבקירצונג פון נער פון די פּעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ].

delaine' *n.* (די-ליין') אַזאַ זאַרט מוסלין [דינער שטאָף פאַר פרויען־קליידער].

delap'sion *n.* (די-לעפּ'-שאַן) דאָס אַרונ־טערפאַלען אַדער אַרונטערלאָזען זיך, דאָס זיין אַראָבגעפאַלען אַדער אַראָבגעלאָזען.

delate' *v.* (די-לייט') בריינ־ פער'מסר'ען, גען אַ קלאַגע געגען אימיצען; אָנגעבען; אַרויסגעבען, פערעפענטליכען, פערשפּריי־טען, פערברייטען.

dela'tion *n.* (די-ליי'-שאַן) אַנקלאַגע; אַ אַ מסירה אויף אימיצען.

dela'tor *n.* (די-ליי'-טאָר) אַ מסור, אַ דאַנאַסטשיק, אַ דענונציאַנט, אַ שפּיאָן.

delay' *n. and v.* (די-ליי') אַבלעגען, אַבהאַלטען אויף אַ צייט; הינדערען; שטעהן בלייבען פאַר אַ ווייליע; זיך פער־האַלטען; דאָס אַבלעגען אויף שפּעטער; אַן אַבהאַלט פאַר אַ צייט, אַ הינדערניס.

delay'able *a.* (די-ליי'-עבל) וואָס קען אַבגעלעגט ווערען אויף שפּעטער.

delay'er *n.* (די-ליי'-ער) איינער וואָס לעגט אָב אויף שפּעטער; איינער וואָס האַלט אָב אַדער פערצעגערט.

delay'ingly *adv.* (די-ליי'-אינג-לי) אַבלעגענדיג אויף שפּעטער; דורך פערצע־גערונג אַדער אַבלעגונג.

del cred'ere (דעל קרעד'-ע-רע) נאַראַנ־טיע אַדער ערבות פון אַ מעקלער אַדער געשעפטס־אַגענט

de'le *v.* (די'-לי) מעק אויס, שטרייך אויס, נעהם אַרויס .[געברויכט אַלס אַן אויס־דרוק פאַר שריפטזעצער, אַז זיי זאָלען אויסמעקען אַדער אַרויסוואַרפען אַן איב־ריג וואָרט].

del'eble *a.* (דעל'-איבל) וואָס קען אויס־געמעקט אַדער אויסגעשטראָכען ווערען.

delectabil'ity *n.* (די-לעק-טע-ביל'-אי-טי) דאָס זיין אַנגענעהם אַדער ליעבליך; פערגניגען.

delec'table *a.* (די-לעק'-טעבל) אַנגע־נעהם, ליעבליך; וואָס מאַכט פערגניגען.

delec'tableness *n.* (די-לעק'-טעבל-נעס) דאָס זיין אַנגענעהם אַדער ליעבליך; פער־גניגען.

delec'tably *adv.* (די-לעק'-טע-בלי) אויף אַן אַנגענעהמען אַדער פערגניגטען אופן.

delec'tate *v.* (די-לעק'-טייט) מאַכען אַנגענעהם, מאַכען פערגניגען.

delecta'tion *n.* (די-לעק-טיי'-שאַן) גרויס פערגניגען.

delec'tus *n.* (דע-לעק'-טאַס) אַן אויס־וואַהל; אַ זאַמלונג, אַ כרעסטאָמאַטיע [מייסטענס אַן אויסוואַהל פון לעזע־שטי־קער אין גריכיש און לאַטיין].

del'egant *n.* (דעל'-אי-גענט) איינער וואָס בעפאָלמעכטיגט אַדער גיט איבער זיין מאַכט צו אַן אַנדערען; איינער וואָס גיט איבער אַ חוב, וואָס קומט איהם צו זיינעם אַ בעל־חוב.

del'egate *n., v. and a.* (דעל'-אי-גייט) אַ דעלעגאַט; אַ געשיקטער מיט אַ פאָל־מאַכט; אַן אַבגעאָרדענטער [דעפּוטאַט] פון אַן אַמעריקאַנער טעריטאָריע [ניט פון אַ שטאַאַט] צום אַמעריקאַנער קאָנגרעס

[פארלאמענט]; בעפאלמעכטיגען; שיקען מיט פאלמאכט; אנפערטרויען; איבערטראגען א חוב צו אימעצען; דעלעגירט, בעפאלמעכטיגט, געשיקט מיט א פאלמאכט.

del'egated *a.* (דעל'-אי-גיי-טער) דעלעגירט, בעפאלמעכטיגט, געשיקט מיט א פאלמאכט.

delega'tion *n.* (דעל-אי-גיי'-שאן) א דעלעגאציאן; דאס שיקען א דעלעגאט אדער דעלעגאטען; דאס איבערטראגען א חוב [דאס אבצאהלען א חוב מיט א חוב פון אן אנדער פערזאן].

delen'da *n.* (די-לענ'-דא) עפעס וואס דארף אויסגעמעקט אדער אויסגעשטראכען ווערען.

delete' *v.* (די-ליט') אויסמעקען, אויסשטרייכען.

delete'rious *a.* (דעל-אי-טי'-רי-אס) שעדליך; גיפטיג.

Eating unripe fruit is **deleterious** to health.

delete'riously *adv.* (דעל-אי-טי'-רי-אס-לי) אויף א שעדליכען אופן.

delete'riousness *n.* (דעל-אי-טי'-רי-אס-נעס) דאס זיין שעדליך.

dele'tion *n.* (די-לי'-שאן) דאס אויסמעקען; עפעס וואס איז אויסגעמעקט אדער אויסגעשטראכען; אן אויסגעמעקט ווארט אדער פראזע; אויסראטונג; פערטיליגונג.

deleti'tious *a.* (דעל-אי-טיש'-אס) פון וואס עס ווערט אדער דארף ווערען אויסגעמעקט.

dele'tive *a.* (די-לי'-טיוו) אויסמעקענדיג; אויסשטרייכענדיג.

del'etory *n.* (דעל'-אי-טא-רי) עטוואס וואס מען מעקט אויס.

delf *n.* (דעלף) קאלירטע, גלאזירטע ערדגעשיר.

delft *n.* (דעלפט) ז. ***delf***

delft'ware *n.* (דעלפט'-הוועהר) ז. ***delf***

De'lian *a.* (דיע'-לי-ען) וואס איז שייך צום אינזעל דעלאס [א קליינער אינזעל אין עווגעאישען ים, בעקאנט אין דער גריכישער מיטאלאגיע אלס דאס געבורטספלאץ פון דעם גריכישען גאט אפאלא און פון דער געטין ארטעמוס אדער דיאנא. אויף דעם אינזעל האט זיך אויך געפונען דער בעריהמטעסטער אין גריכענלאנד אפאלא־טעמפעל].

delib'erate *v. and a.* (די-ליב'-ע-רייט) 1. נאכדענקען, איבערלעגען; בעטראכטען, דיסקוטירען; 2. בעדאכטזאם, מיושב'דיג, איבערלעגט; פארזיכטיג; לאנגזאם; קאלטבלוטיג.

1. The convention **deliberated** on the question for four hours. 2. The speaker gave his **deliberate** judgment.

delib'erately *adv.* (די-ליב'-ע-רייט-לי) מיט איבערלעגונג, מיט פארזיכטיגקייט, מיושב'דיג; דורך בעראטהונג, אויף א בעראטהענדען אופן.

delib'erateness *n.* (די-ליב'-ע-רייט-נעס) בעדאכטזאמקייט, פארזיכטיגקייט, מיושב'דיגקייט, איבערלעגונג, לאנגזאמקייט [אין אננעהמען בעשליסע].

delib'erater *n.* (די-ליב'-ע-ריי-טער) איינער וואס איבערלעגט זיך; איינער וואס איז זיך מישב; איינער וואס איז פארזיכטיג אין אננעהמען בעשליסע.

delibera'tion *n.* (די-ליב-ע-ריי'-שאן) דאס בעטראכטען, דאס איבערלעגען, דאס נאכדענקען; דאס מישב זיין זיך: דאס בעטראכטען אדער דיסקוטירען עפעס ביי א פערזאמלונג; דאס בעראטהען זיך; לאנגזאמקייט אין אננעהמען בעשליסע; פארזיכטיגקייט, קאלטבלוטיגקייט, מיושב'דיגקייט; א בעשטימטע גוט־דורכגעטראכטע אבזיכט.

delib'erative *n. and a.* (די-ליב'-ע-ריי-טיוו) איבערלעגענדיג, נאכדענקענדיג; בעראטהענד; די קונסט צו בעווייזען און איבערצייגען [אין רעדנער־קונסט].

delib'erator *n.* (די-ליב'-ע-ריי-טאר) ז. ***deliberater***

del'ible *a.* (דעל'-איבל) ז. ***deleble***

del'icacy *n.* (דעל'-אי-קע-סי) דאס זיין דעליקאט אדער פיין־שמעקענד; פיינקייט, אויסגעאיידעלקייט, צארטקייט, געשמאקהאפטיגקייט, שוועכליכקייט, עמפפינדליכקייט; א צושטאנד, וואס פאדערט ספעציעלע פארזיכטיגקייט; העפליכקייט.

del'icate *n. and a.* (דעל'-אי-קייט) דעליקאט, פיין־שמעקענד, געשמאקהאפט; פיין, צארט, אויסגעאיידעלט, שוועכליך, עמפפינדליך, העפליך; א פערצערטעלטער מענש.

del'icately *adv.* (דעל'-אי-קייט-לי) אויף א דעליקאטען שטייגער.

del'icateness *n.* (דעל'-אי-קייט-נעס) דאס זיין דעליקאט; צארטקייט, ווייכקייט, שוועכליכקייט.

del'icates *n.* (דעל'-אי-קייטס) נאשערייען.

delicates'sen *n.* (דעל-אי-קא-טעס'-ען) דעליקאטעסען [צושפייזען, געוועהלטע שפייזען, צוגעריכטע שפייזען].

deli'cious *a.* (די-ליש'-אס) שטארק אנגענעהם, וואס פערשאפט פיעל פערגניגען, זעהר געשמאק.

I ate a **delicious** pear.

deli'ciously *adv.* (די-ליש'-אס-לי) אויף אן אופן וואס איז זעהר אנגענעהם, אדער וואס פערשאפט פיעל פערגניגען; זעהר געשמאק.

deli'ciousness *n.* (די-ליש'-אס-נעס) דאס זיין זעהר געשמאק אדער זעהר אנגענעהם.

delict' *n.* (די-ליקט') א פערברעכען געגען געזעץ.

delight' *n. and v.* (די-לאיט') צופריעדענשטעלען אויף'ן העכסטען אופן; פערשאפען פיעל פערגניגען; ענטציקען; זיך שטארק צופריעדענשטעלען; האבען פיעל פערגניגען; פרייד, צופריעדענהייט, ענטציקונג, פערגניגען; עטוואס וואס שטעלט שטארק צופריעדען, וואס פעראורזאכט פיעל פערגניגען אדער וואס ענטציקט.

deligh'ted *a.* (די-לאי'-טעד) העכסט ערפרעהט, שטארק צופריעדען, ענטציקט.

deligh'tedly *adv.* (די-לאי'-טעד-לי) מיט דער העכסטער פרייד, מיט דער העכסטער צופריעדענהייט, מיט פיעל פערגניגען, מיט ענטציקונג.

delight'ful *a.* (די-לאיט'-פול) שטארק אנגענעהם אדער צופריעדענשטעלענד; ענטציקענד.

delight'fully *adv.* (די-לאיט'-פול-אי) אויף אן ענטציקענדען אדער שטארק אנגענעהמען אופן.

delight'fulness *n.* (די-לאיט'-פול-נעס) דאס זיין שטארק אנגענעהם אדער צופריעדענשטעלענד; דאס זיין ענטציקענד.

deligh'tingly *adv.* (די-לאי'-טינג-לי) ז. ***delightfully***

delight' in mis'chief (די-לאיט' אין מיס'-טשיף) הנאה האבען פון טהאן שלעכטס.

delight'less *a.* (די-לאיט'-לעס) אהן פרייד, אהן פערגניגען.

delight'some *a.* (די-לאיט'-סאם) ז. ***delightful***

delight'somely *adv.* (די-לאיט'-סאם-לי) ז. ***delightfully***

delight'someness *n.* (די-לאיט'-סאם-נעס) ז. ***delightfulness***

delim'it *v.* (די-לימ'-איט) בעשטימען די גרענעצען; בעגרענעצען.

delimita'tion *n.* (די-לימ-אי-טיי'-שאן) דאס בעשטימען די גרענעצען; די בעגרענעצונג.

delin'eable *a.* (די-לינ'-אי-עבל) וואס קען געצייכענט ווערען, וואס קען געמאלען ווערען, וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין ווארט אדער אין בילד.

delin'eament *n.* (די-לינ'-אי-ע-מענט) א צייכנונג; אן ענטוואורף, א סקיצירונג, א שילדערונג, א בעשרייבונג.

delin'eate *v.* (די-לינ'-אי-אייט) צייכנען, סקיצירען, מאכען אן ענטוואורף, שילדערען, בעשרייבען.

delinea'tion *n.* (די-לינ-אי-איי'-שאן) 1. דאס סקיצירען; דאס אנווארפען [א בילד פון עפעס]; דאס צייכנען; 2. דאס שילדערען, דאס בעשרייבען.

2. The novel is full of many **delineations** of interesting characters.

delin'eator *n.* (די-לינ'-אי-איי-טאר) איינער וואס סקיצירט, צייכענט, שילדערט אדער בעשרייבט עפעס; א שניידער־פאסאן, וואס מען קען מאכען גרעסער און קלענער לויט דער מאס פון דעם קלייד; אן אינסטרומענט וואס סקיצירט די אויבערפלעכע פון דעם באדען [ווערט בענוצט צום אויפנעהמען א פולען פלאן פון א געגענד].

delin'eatory *a.* (די-לינ'-אי-איי-טא-רי) וואס צייכענט, סקיצירט, שילדערט אדער בעשרייבט.

delin'quency *n.* (די-לינ'-קהוועג-סי) א פערברעכען; דאס ניט ערפילען אדער דאס פערנאכלעסיגען א פפליכט.

delin'quent *n. and a.* (די-לינ'-קהוועגט) פערברעכעריש; ניט ערפילענדיג אדער פערנאכלעסיגענדיג א פפליכט; א פערברעכער; איינער וואס פערנאכלעסיגט זיין פפליכט.

delin'quently *adv.* (די-לינ'-קהוועגט-לי) ניט ערפילענדיג אדער פערנאכלעסיגענדיג א פפליכט.

del'iquate *v.* (דעל'-אי-קהווייט) שמעלצען, צוגעהן; צושמאלצען ווערען.

deliqua'tion *n.* (דעל-אי-קהוויי'-שאן) שמעלצונג.

deliquesce' *v.* (דעל-אי-קהוועס') צוגעהן; צושמאלצען ווערען.

deliques'cence *n.* (דעל-אי-קהוועס'-ענס) דאס צושמעלצען, דאס צוגעהן, דאס צופליסען.

deliques'cent *a.* (דעל-אי-קהוועס'-ענט) צושמעלצענדיג, צוגעהענדיג, צופליסענדיג.

deliq'uiate *v.* (די-ליק'-הווי-אייט) ז. ***deliquesce***

deliquia'tion *n.* (די-ליק-הווי-איי'-שאן) ז. ***deliquescence***

deliq'uium *n.* (די-ליק'-הווי-אם) דאס צופליסען; דאס צוגעהן; א שוואכער, צוקראכענער שכל.

delir'iant *n.* (די-ליר'-אי-ענט) א גיפט וואס פעראורזאכט משוגעת; וואס רופט ארויס דאס רעדען פון היץ אדער קראנקהאפטע פארשטעלונגען.

delirifa'cient *n. and a.* (די-ליר-אי-פיי'-שיענט) וואס רופט ארויס קראנק־

האפטע היץ-פארשטעלונגען אדער ריידען פון היץ; א שטאף וואס פעראורזאכט עס.

delir'ious *a.* (די-ליר'-אי-אס) משוגע, וואהנזיניג; פאנטאזירענדיג [פון היץ]; איבערדרייטעט פון געפיהלען; ריידענדיג פון היץ.

delir'iously *adv.* (די-ליר'-אי-אס-לי) אויף א וואהנזיניגען, משוגע'נעם אופן; מיט קראנקהאפטע פארשטעלונגען, ריידענדיג פון היץ.

delir'iousness *n.* (די-ליר'-אי-אס-נעס) משוגעת, וואהנזיניגקייט; קראנקהאפטע פאנטאזיעס אדער דאס ריידען פון היץ.

delir'ium *n.* (די-ליר'-אי-אם) משוגעת, וואהנזין; א שטארקע אויפרעגונג אדער איבעררייצונג פון די געפיהלען; איבערטריבענער ענטוזיאזם; קראנקע פאנטאזיעס; דאס ריידען פון היץ.

délit' *n.* (דיי-לי') א געריכטס-פאל וועגען א פערזאן וואס האט דורך בעטרוג פעראורזאכט שאדען צו אימעצען.

delites'cence *n.* (דעל-אי-טעס'-ענס) דאס פלעצליכע פערשווינדען פון אן ענטצינדונג אדער געשווילעכטס; צוריקגעצויגענהייט, דאס צוריקטרעטען פון געזעלשאפטליכען לעבען.

delites'cency *n.* (דעל-אי-טעס'-ענ-סי) ז. *delitescence*

delites'cent *a.* (דעל-אי-טעס'-ענט) צוריקגעצויגען, בעהאלטען.

deliv'er *v.* (די-ליוו'-ער) בעפרייען; איבערגעבען, אבליפערען; צושטעלען; זיך אונטערגעבען; געלעגען ווערען [האבען א קינד]; אויסשיסען, אבפייערען, אויסלאדען; ארויסשרייען, ארויסריידען, זיך אויסערען [אין א רעדע].

deliv'erable *a.* (די-ליוו'-ער-עבל) וואס מען קען איבערגעבען, וואס קען איבערגעגעבען ווערען; וואס דארף געליפערט אדער צוגעשטעלט ווערען; וואס איז צו בעפרייען.

deliv'er a blow (די-ליוו'-ער ע בלאו) דערלאנגען א זעץ.

deliv'er an attack' (די-ליוו'-ער ען ע-טעק') אנגרייפען, אטאקירען דעם פיינד.

deliv'erance *n.* (די-ליוו'-ער-ענס) בעפרייאונג; פרייספרעכונג; דאס געראטעוועט ווערען; איבערליפערונג; איבערגעבונג; אן אויסערונג, אן ערקלערונג; דאס געלעגען ווערען [דאס האבען א קינד].

deliv'erance bless'ing (די-ליוו'-ער-ענס בלעס'-אינג) דאס גומל בענשען.

deliv'er a speech (די-ליוו'-ער ע ספיטש) האלטען א רעדע.

deliv'er bat'tle (די-ליוו'-ער בעטל) גיבען א שלאכט.
The commander returned to deliver battle.

deliv'ered of a child (די-ליוו'-ערד אוו ע טשאילד) געלעגען געווארען.

deliv'erer *n.* (די-ליוו'-ער-ער) א בעפרייער; אן איבערליפערער, אן איבערגעבער.

deliv'er from (די-ליוו'-ער פראם) בעפרייען פון...

deliv'er judg'ment (די-ליוו'-ער דזשאדזש'-מענט) משפט'ען.

deliv'er to poster'ity (די-ליוו'-ער טו פאס-טער'-אי-טי) אונשטערבליך מאכען.

deliv'er to the wind (די-ליוו'-ער טו טהי הווינד) ארויסווארפען צו אלדי רוחות.

deliv'ery *n.* (די-ליוו'-ער-אי) די בעפרייאונג; די אויסליפערונג; די איבערגאבע; דאס אונטערגעבען זיך; דאס געלעגען ווערען [דאס האבען א קינד]; דאס אויסערען זיך; דער שטייגער פון פארטראגען אדער זינגען; דאס צושטעלען, דאס צושיקען; דאס אויסשיסען, דאס אבפייערען א שאס.

deliv'ery in fact (די-ליוו'-ער-אי אין פעקט) די איבערטראגונג פון גיטער אדער מטלטלין פון איין פערזאן צו אן אנדערער.

deliv'ery-valve *n.* (די-ליוו'-ער-אי-וועלוו) דאס אויסלאס-ווענטיל [דאס ווענטיל ביי דאמפף-מאשינען אדער פומפען דורך וועלכען עס ווערט ארויסגעלאזען דאמפף אדער וואסער].

dell *n.* (דעל) א קליינער שמאלער טהאל צווישען צוויי בערג.

delo'calize *v.* (די-לאו'-קעל-איז) ארויסטרעטען אדער בעפרייען פון די לאקאלע ראהמען; מאכען ברייטער דעם שטאנדפונקט; מאכען פון א לאקאלען אינטערעס אן אלגעמיינעם.

delph *n.* (דעלף) ז. *delf*

Del'phian *n. and a.* (דעל'-פי-ען) וואס איז שייך צו דער אלטער גריכישער שטאדט דעלפי אדער צו דעם גאט אפאלא וועמעס טעמפעל איז דארטען געווען; וואס איז שייך צו דעם אראקעל פון דעלפי אדער צו די פריסטער פון אפאלא; רעטזעלהאפט; וואס געפינט זיך אונטער געטליכער השפעה; נביא'יש; אן איינוואהנער פון דעלפי.

Del'phic *a.* (דעל'-פיק) וואס איז שייך צי דעלפי, די פארצייטיגע גריכישע שטאדט אדער צום אראקעל וואס איז דארטען געווען; רעטזעלהאפט; וואס געפינט זיך אונטער געטליכער השפעה; נביא'יש; וואס איז שייך צו דעם גאט אפאלא פון דעלפי אדער זיינע פריסטער.

del'phin *n. and a.* (דעל'-פין) וואס איז שייך צו דעם פראנצויזישען קרוינפרינץ; וואס איז שייך צום דעלפין-פיש; אזא פעטס וואס געפינט זיך אין דעם אויל פון דעם דעלפין-פיש.

Delphin'ian *n. and a.* (דעל-פינ'-אי-ען) ז. *Delphian*

delphin'ian *n. and a.* (דעל-פינ'-אי-ען) ז. *delphin*

delphin'ic *a.* (דעל-פינ'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון דעם דעלפין-פיש.

del'ta *n.* (דעל'-טא) דער בוכשטאב דעלטא [דער פיערטער בוכשטאב אין גריכישען אלפאבעט]; די שטיקער ערד [אין דער פארם פון א דריי-עק] צווישען די פאנאנדערגעטיילטע שטראמען פון געוויסע טייכען ביי זייער אריינפאלען אין ים; יעדע זאך וואס האט א דרייעקיגע פארם.

del'toid *n. and a.* (דעל'-טאיד) דרייעקיג, וואס האט די פארם פון גריכישען בוכשטאב דעלטא; דער דריי-עקיגער מוסקעל פון דער פלייצע.

deltoi'dal *a.* (דעל-טאי'-דעל) ז. *deltoid*

delu'dable *a.* (די-ליו'-דעבל) לייכט צו בעטריגען; וואס קען אבנארען אדער אבגענארט ווערען.

delude' *v.* (די-ליוד') אבנארען, בעטריגען, פערפיהרען אין א בלאטע, פערבלענדען.

delu'der *n.* (די-ליו'-דער) אן אבנארער, א בעטריגער, א פערפיהרער.

del'uge *n. and v.* (דעל'-יודזש) א מבול, א פערפלייצונג; גיסען ווי א מבול; איבערשווענקען, פערפלייצען.

del'uged in tears (דעל'-יודזשט אין טירז) בעגאסען מיט טרעהרען.

delun'dung *n.* (די-לאנ'-דאנג) די וויזעל-קאץ [א מין קאץ פון דעם אינזעל יאווא].

Delundung

delu'sion *n.* (די-ליו'-זשאן) דאס אריינגארען מיט עפעס, דאס בעטריגען; דאס זיין אבגענארט; דאס האבען א פאלשע פארשטעלונג וועגען עפעס; פערבלענדונג, אילוזיאן, איינבילדונג; בעטרוג.

delu'sionist *n.* (די-ליו'-זשאנ-איסט) אן אבנארער אדער אבגענארטער; איינער וואס בילדעט זיך איין; איינער וואס האט א פאלשע פארשטעלונג וועגען עפעס.

delu'sive *a.* (די-ליו'-סיוו) פערבלענדענד, איינבילדענד, בעטריגענד, אבנארענד.

delu'sively *adv.* (די-ליו'-סיוו-לי) אבנארענדיג, בלענדענדיג; איינבילדענדיג; אויף א בעטריגערישען אופן.

delu'siveness *n.* (די-ליו'-סיוו-נעס) פערבלענדעניש; דאס זיין איינגעבילדעט; די נייגונג אבצונארען.

delu'sory *a.* (די-ליו'-סא-רי) ז. *delusive*

delve *v.* (דעלוו) גראבען; פארשען.

delve in'to (דעלוו אינ'-טו) זיך גראבען אין א זאך, אריינדרינגען אין א זאך.
He delves into the depths of the Talmud.

del'ver *n.* (דעל'-ווער) דער גרעבער; איינער וואס גראבט זיך אין א זאך, פארשט אויס עפעס גרינדליך.

del'ving *n.* (דעל'-ווינג) דאס גראבען, דאס אונטערזוכען, דאס פארשען.

Dem. אבקירצונג פון *Democrat* אדער *Democratic*

demagnetiza'tion *n.* (די-מעג-נעט-אי-זיי'-שאן) דאס וואוועקנעהמען די מאגנעטישע צוציהונגס-קראפט.

demag'netize *v.* (די-מעג'-נעט-איז) וואוועקנעהמען די מאגנעטישע קראפט.

demagog'ic *a.* (דעם-ע-גאדזש'-איק) דעמאגאגיש, ווי א דעמאגאג. ז. *demagogue*

dem'agogism *n.* (דעמ'-ע-גאג-איזם) דעמאגאגיע, די האנדלונגען און פרינציפען פון א דעמאגאג. ז. *demagogue*

dem'agogue *n.* (דעמ'-ע-גאג) א דעמאגאג, א רעדנער אדער פאלקס-פיהרער, וואס שטרעבט צו ווערען א ליעבלינג פון דער מאסע, חנפ'ענענדיג זי און שטיצענדיג זיך אויף איהר אונוויסענהייט. א פרינציפענלאזער פאליטישער אגיטאטאר; איינער וואס זוכט צו ערווערבען

פאליטישע מאכט, שפיעלענדיג אויף די שוואכקייטען פון המון.

dem′agoguery *n.* (דעמ′-ע-גאג-ע-רי) ז. *demagogism*.

dem′agogy *n.* (דעמ′-ע-גאדזש-אי) ז. *demagogism*.

demain′ *n.* (די-מיין′) א לאנדגוט; א מאיאנטעק.

demand′ *n. and v.* (די-מענד′) פאדערען; ארויסשטעלען א פאדערונג; רופען צום געריכט; א פאדערונג; דאס וואס עס ווערט געפאדערט; די נאכפראגע; א פראגע, אן אנפראגע.

deman′dable *a.* (די-מענ′-דעבל) וואס קען געפאדערט ווערען; אויף וועלכען מען קען נאכפרעגען.

demand′ a mee′ting (די-מענד′ ע מיע′-טינג) ארויסרופען אויף א דועל.

demand′ and supply′ (די-מענד′ ענד סא-פלאי′) אין פאליטישע עקאנאמיע — די נאכפראגע און אנבאט [די פערהעלטנים, וועלכע עקזיסטירט צווישען די צאהל סחורות, וועלכע מען וויל קויפען און די צאהל סחורות, וואס עס איז דא צו פערקויפען].

deman′dant *n.* (די-מענ′-דענט) דער וואס פאדערט; דער אנקלאגער אין געריכט.

deman′der *n.* (די-מענ′-דער) א פאדערער; איינער וואס פאדערט.

deman′dress *n.* (די-מענ′-דרעס) די מאהנערקע, די וואס קלאגט אן.

demarca′tion *n.* (די-מאר-קיי′-שאן) דאס בעצייכנען א גרענעץ-ליניע; די גרענעץ-ליניע.

de′march *n.* (די′-מארק) דער דעמארך, דער מאגיסטראט פון א נעמיינדע אין אלט-גריכענלאנד; אין היינטיגע צייטען — א מאגיסטראט פון א שטאדט אין גריכענלאנד.

demark′ *v.* (די-מארק′) בעשטימען גרענעצען.

demarka′tion *n.* (די-מאר-קיי′-שאן ז. *demarcation*.

deme *n.* (דיעם) א שטאדט-בעצירק אין דער אלטער אטיקע און אין היינטיגען גריכענלאנד.

demean′ *v.* (די-מיען′) אויפפיהרען זיך; קאנטראלירען זיך אליין; אנפיהרען אדער קאנטראלירען עפעס; ערנידריגען.

demea′nor *n.* (די-מיע′-נאר) די אויפפיהרונג; דאס אויפפיהרען זיך.

demembra′tion *n.* (די-מעמ-ברײ′-שאן) דאס אבשניידען א גליעד; די פערקריפלונג פון קערפער.

dement′ *a., n. and v.* (די-מענט′) פערריקט, משוגע; א פערריקטער; מאכען פערריקט.

demen′tate *a.* (די-מענ′-טייט) משוגע, פערריקט.

demen′ted *a.* (די-מענ′-טעד) משוגע; ארונטער פון זינען.

demen′tia *n.* (די-מענ′-שיא) משוגעת, וואהנזין.

demephitiza′tion *n.* (די-מעפ-אי-טי-זיי′-שאן) דאס רייניגען די לופט פון מיאזמען [אונגעזונטע אויסדאמפפונגען].

demeph′itize *v.* (די-מעפ′-אי-טאיז) רייניגען די לופט פון מיאזמען [אונגעזונטע אויסדאמפפונגען]; פערטרייבען די שלעכטע, אונגעזונטע לופט.

demer′it *n. and v.* (די-מער′-איט) די פערשולדונג; דאס פערזעהן; שלעכטע אויפפיהרונג, מעשים רעים; ערנידריגען, מאכען ווערטהלאז.

demer′it mark (די-מער′-איט מארק) א שלעכטער באל, נאטע אדער אטמעטקע [אין לעהר-אנשטאלטען].

demersed′ *a.* (די-מוירסט′) וואס געפינט זיך אדער וואקסט אונטער′ן וואסער.

demesne′ *n.* (דע-מיען′) ז. *demain*.

Deme′ter *n.* (די-מי′-טער) דעמעטער, די געטין פון פרוכטבארקייט און די בעשיצערין פון הייראטען [אין דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע].

demi′ *n.* (די-מאי′) א סטודענט וואס בעקומט סטיפענדיע [א געוויסע יעהרליכע אונטערשטיצונג] אין אקספארדער אוניווערזיטעט אין ענגלאנד.

dem′i *a.* (דעמ′-אי) האלב, העלפט [ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

dem′i-bain *n.* (דעמ′-אי-ביין) ז. *demi-bath*.

dem′i-bas′tion *n.* (דעמ′-אי-בעס′-טיאן) א האלבער באסטיאן [א געוויסע פארם פון בעפעסטיגונג].

dem′i-bath *n.* (דעמ′-אי-בעטה) א פוס-וואנע, א וואנע, וואו עס געהט אריין נור א טייל פון קערפער.

dem′i-brigade′ *n.* (דעמ′-אי-ברי-גייד′) א האלבע בריגאדע [אין דער ארמעע].

dem′i-ca′dence *n.* (דעמ′-אי-קיי′-דענס) אין מוזיק — א האלבע קאדענץ [די פערשטארקונג פון טאן ביז דער 5טער נאטע פון דער גאמא].

dem′i-can′non *n.* (דעמ′-אי-קענ′-אן) א פארצייטיגער גרויסער הארמאט.

dem′icircle *n.* (דעמ′-אי-סוירקל) אן אינסטרומענט צו מעסטען ווינקלען.

dem′i-cul′verin *n.* (דעמ′-אי-קאל′-ווער-אין) א מין הארמאט פון 16טען און 17טען יאהרהונדערט.

dem′i-di′tone *n.* (דעמ′-אי-דאי′-טאון) אין מוזיק — די קליינע טערצע [דער דריטער טאן פון גרונד-טאן אין א גאמא].

dem′i-fo′lio *n.* (דעמ′-אי-פאו′-ליאו) האלב-פאליא [א געוויסער פארמאט פון גערדרוקטע ביכער].

dem′i-gaunt′let *n.* (דעמ′-אי-גענט′-לעט) אין כירורגיע — א באנד אויף א האנד עהנליך צו א הענטשקע אריינצושטעלען אויסגעלונקענע פינגער.

dem′igod *n.* (דעמ′-אי-גאד) דער האלב-גאט, א מענש מיט געוויסע געטליכע אייגענשאפטען [וועגען די לעגענדארע העלדען אין די פאבלען פון די אלטע פעלקער].

dem′igoddess *n.** (דעמ′-אי-גאד-עס) די האלב-געטין [אין די פאבלען פון די אלטע פעלקער].

dem′ijohn *n.* (דעמ′-אי-דזשאן) א גרויסע פלאש אין א געפלאכטענעם קערבעלע.

dem′i-lance *n.* (דעמ′-אי-לענס) א קליינע פיקע; א רייטער בעוואפענט מיט א קליינער פיקע.

dem′ilune *n. and a.* (דעמ′-אי-לון) די האלבע לבנה; אין פעסטונגס-ווערק — אן אויסערליכער אויסגעבויגענער וואל צו בעשיצען די זייטען פון א באסטיאן; אין דער פארם פון א האלבער לבנה.

dem′i-monde *n.* (דעמ′-אי-מאנד) א קלאס פרויען פון צווייפעלהאפטען כאראקטער, וועלכע שטעהען עטוואס העכער אין ראנג פון פראסטע גאסען-פרויען [פראסטיטוטקעס].

dem′i-octa′vo *n.* (דעמ′-אי-אק-טיי′-וואו) א האלבע אקטאווע [אין מוזיק].

dem′iquaver *n.* (דעמ′-אי-קהוויי-ווער) א זעכצעהנטעל [נאטע] אין מוזיק.

dem′i-relief′ *n.* (דעמ′-אי-רי-ליעף′) א האלב רעליעפע [בולט′ע] סקולפטור-ארבייט.

dem′irep *n.* (דעמ′-אי-רעפ) [פערקירצט פון *demi-reputation*], א פרויענצימער פון צווייפעלהאפטער ערענטליכקייט.

demisabil′ity *n.* (די-מאי-זע-ביל′-אי-טי) דאס קענען אבגעגעבען ווערען אין ארענדע, דאס קענען פערדונגען ווערען.

demi′sable *a.* (די-מאי′-זעבל) וואס קען פערפאכטעט אדער פערדונגען ווערען.

dem′isang *a.* (דעמ′-אי-סענג) פון געמישטען בלוט [וואס שטאמט פון צוויי ראסען, איינע פון זיי — ניט קיין אייראפעאישע].

demise′ *n. and v.* (די-מאיז′) איבערטראגען; פערפאכטען, פערדינגען; אבזאגען בצואה; די פטירה, דער טויט פון א הערשער; דאס איבערגעבען די קרוין צו א צווייטער פערזאן; דאס איבערגעבען דעם בעזיץ צו די יורשים; דאס אבגעבען אין ארענדע.

dem′i-sem′i *a.* (דעמ′-אי-סעמ′-אי) האלב פון האלב [א פיערטעל].

dem′isemiqua′ver *n.* (דעמ′-אי-סעמ-אי-קהוויי′-ווער) א צוויי-און-דרייסיגסטעל נאטע אין מוזיק.

demis′sion *n.* (די-מיש′-אן) ערנידריגונג; אונטערגאנג, אבשוואכונג; דאס אבזאגען זיך פון עפעס; רעזיגנאציאן, דעמיסיאן.

demis′sionary *a.* (די-מיש′-אנ-ע-רי) וואס איז שייך צו דעמיסיע, צו אבזאגען זיך פון עפעס; ערנידריגענד, אונטערגעהענד.

demit′ *v.* (די-מיט′) אויפגעבען א זאך, זיך ענטזאגען פון אן אמט, רעזיגנירען.

Mary Stuart was forced to demit the government of Scotland in favor of her infant son.

dem′i-tint *n.* (דעמ′-אי-טינט) אין מאלעריי — א צווישען-פארב, א האלבער קאליר.

dem′iurge *n.* (דעמ′-אי-אוירדזש) דעמיאורג, א בעשעפער; דער בעשעפער פון דער מאטעריעלער וועלט [לויט געוויסע פילאזאפישע שיטות, האט גאט אליין די וועלט ניט בעשאפען, נאר ער האט בעשאפען דעמיאורג′ען און דיעזער דעמיאורג האט בעשאפען די וועלט].

demiur′gic *a.* (דעמ-אי-אויר′-דזשיק) וואס איז שייך צו א וועלט-בעשעפער. ז. *demiurge*.

demiur′gical *a.* (דעמ-אי-אויר′-דזשי-קעל) ז. *demiurgic*.

demiur′gus *n.* (דעמ-אי-אויר′-גאס) ז *demiurge*

dem′i-volt *n.* (דעמ′-אי-וואלט) אזא קינסטליכע בעוועגונג פון א פערד ווען ער דרעהט זיך האלב ארום מיט די פאדערשטע פיס אין דער לופטען.

dem′i-wolf *n.* (דעמ′-אי-הוואולף) א האלב-וואלף [א חיה וואס איז געבארען געווארען פון א הונד מיט א וואלף].

demobiliza′tion *n.* (די-מאו-בי-לי-זיי′-שאן) דאס פאנאנדערלאזען סאלדאטען פון דיענסט; דאס פאנאנדערלאזען א קריעגס-ארמעע.

demo′bilize *v.* (די-מאו′-בי-לאיז) פא=

נאנדערלאזען סאלדאטען פון דיענסט, פאנאדערלאזען א קריעגס-ארמעע.

democ'racy *n.* (די-מאק׳-רע-סי) דעמא-קראטיע, פאלקס-הערשאפט, דער פרינציפ פון פאליטישער און געזעלשאפטליכער גלייכהייט [ווענען די בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען].

Democ'racy *n.* (די-מאק׳-רע-סי) די פרינציפען פון דער דעמאקראטישער פאר-טיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; די מיטגליעדערשאפט פון דער דעמאקראטישער פארטיי.

dem'ocrat *n.* (דעמ׳-א-קרעט) א דעמא-קראט, איינער וואס איז פאר פאלקס-הער-שאפט אדער פאר פאליטישע און געזעל-שאפטליכע גלייכהייט [ווענען די בעצי-הונגען און פערהאלטונג פון איין מענשען צום צווייטען].

Dem'ocrat *n.* (דעמ׳-א-קרעט) א מיט-גליעד פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע-ריקא.

democrat'ic *a.* (דעמ-א-קרעט׳-איק) דעמאקראטיש, וואס געהערט צו פאלקס-הערשאפט אדער צו פאליטישע און געזעל-שאפטליכע גלייכהייט.

Democrat'ic *a.* (דעמ-א-קרעט׳-איק) וואס איז שייך צו דער דעמאקראטישער פארטיי [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

democrat'ical *a.* (דעמ-א-קרעט׳-איק-על) ז. ***democratic***

democrat'ically *adv.* (דעמ-א-קרעט׳-איק-על-אי) אויף א דעמאקראטישען אופן; איינפאך; אהן גרויסע צערעמאניעס.

Democrat'ic par'ty (דעמ-א-קרעט׳-איק פאר׳-טי) די דעמאקראטישע פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע-ריקא [דער גרונד פרינציפ פון דיזער פארטיי, ווען זי האט זיך געגרינדעט, איז געווען: זעלבסטשטענדיגקייט פון די איינ-צעלנע שטאאטען און זיי זאלען נים אריינמי-שען זיך פון דער צענטראלער רעגיערונג אין די אינערע אנגעלעגענהייטען פון די איינצעלנע שטאאטען].

democratisa'tion *n.* (דעמ-א-קרעט-אי-זיי׳-שאן) ז. ***democratization***

democ'ratise *v.* (די-מאק׳-רע-טאיז) ז. ***democratize***

democ'ratism *n.* (די-מאק׳-רע-טיזם) דעמאקראטיזם, די פרינציפען אדער דער גייסט פון דעמאקראטיע.

democratiza'tion *n.* (דעמ-א-קרעט-אי-זיי׳-שאן) די דעמאקראטיזירונג, דאס ווערען דעמאקראטיש.

democ'ratize *v.* (די-מאק׳-רע-טאיז) דעמאקראטיזירען, מאכען איינפאך, איינ-פיהרען פאליטישע און געזעלשאפטליכע גלייכהייט [ווענען די בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען].

Democrite'an *a.* (די-מאק-רי-טי׳-ען) וואס איז שייך צו דעם גריכישען פילא-זאף דעמאקריטוס [געבארען ארום 460 יאהר פאר קריסטוס].

Democrit'ic *a.* (דעמ-א-קריט׳-איק) ז. ***Democritean***

Democrit'ical *a.* (דעמ-א-קריט׳-אי-קעל) ווי דער סטיל פון דעמאקריטוס [ווענען דעם סטיל פון די פאבעלען וואס דעמאקריטוס האט געשריבען ווענען פויג-לען א. ד. ג.]; אונגלויבליך.

demogen'ic *a.* (די-מא-דזשען׳-איק) וואס איז שייך צו דער ענטוויקלונג פון דעמאקראטישע שטאאטען.

demog'rapher *n.* (די-מאג׳-רע-פער) א דעמאגראף, א קענער אין דעמאגראפיע. ז. ***demography***

demograph'ic *a.* (דעמ-א-גרעפ׳-איק) וואס איז שייך צו דעמאגראפיע. ז. ***demography***

demograph'ically *adv.* (דעמ-א-גרעפ׳-אי-קעל-אי) דורך דעמאגראפיע, לויט דעמאגראפיע. ז. ***demography***

demog'raphy *n.* (די-מאג׳-רע-פי) דע-מאגראפיע [די וויסענשאפט וואס בע-שעפטיגט זיך מיט אויספארשען דאס ארט לעבען פון די פעלקער].

demol'ish *v.* (די-מאל׳-איש) צושטע-רען, פערניכטען; רואינירען, חרוב מא-כען; אראבברייסען געביידען.

The building was **demolished** and a large skyscraper was built in its place.

demol'isher *n.* (די-מאל׳-איש-ער) א צושטערער, א פערניכטער; איינער וואס רייסט אראב געביידען.

demol'ishment *n.* (די-מאל׳-איש-מענט) צושטערונג, פערניכטונג; אראב-רייסונג פון געביידען.

demoli'tion *n.* (דעמ-א-ליש׳-אן) צו-שטערונג, פערניכטונג; דאס רואינירען, דאס חרוב מאכען; דאס אראברייסען גע-ביידען.

demoli'tionist *n.* (דעמ-א-ליש׳-אנ-איסט) אן איבערקעהרער, א צושטערער, אן עקסטרעמער רעוואלוציאנער.

de'mon *n.* (די׳-מאן) דעמאן [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א האלב-גאט, איינער וואס איז אין א נידריגערע מדרגה פון א גאט און אין א העכערע מדרגה פון א מענשען]; א שד, א מחבל, א בייזער גייסט, א טייוועל; א שלעכטער, בייזער מענש.

demon'achize *v.* (די-מאנ׳-ע-קאיז) אוועקנעהמען די מאנאכען.

de'moness *n.* (די׳-מאן-עס) א פרוי א דעמאן, אן ארורה, א לילית.

demonetiza'tion *n.* (די-מאנ-ע-טי-זיי׳-שאן) דאס פערלירען דעם ווערטה אלס געלד, דאס מאכען פאר אויס געלד.

demon'etize *v.* (די-מאנ׳-ע-טאיז) אוועקנעהמען דעם ווערטה פון געלד, מא-כען פאר אויס געלד.

In 1873 silver was **demonetized** in the United States.

demo'niac *n. and a.* (די-מאו׳-ני-עק) דעמאניש, טייוועלש; וואס האט אין זיך דעם טייוועל אדער א טייוועלשע מאכט; איינער וואס האט אין זיך א דבוק אדער א שד.

demoni'acal *a.* (די-מא-נאי׳-ע-קעל) דעמאניש, טייוועלש; וואס האט אין זיך א טייוועלשע מאכט.

demoni'acally *adv.* (די-מא-נאי׳-ע-קעל-אי) אויף א דעמאנישען אדער טיי-וועלשען אופן.

demo'nial *a.* (די-מאו׳-ני-על) ז. ***demoniacal***

demon'ic *a.* (די-מאנ׳-איק) דעמאניש, טייוועלש, וואס האט אין זיך א טייוועל-שע מאכט.

demon'ifuge *n.* (די-מאנ׳-אי-פיודזש) א כשוף געגען שדים; א שוץ פון שדים.

de'monism *n.* (די׳-מאן-איזם) דאס גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון שדים אדער בייזע רוחות; טייוועלשע האנדלונג; טייוועלשער כאראקטער.

de'monist *n.* (די׳-מאן-איסט) איינער וואס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון שדים און בייזע רוחות.

de'monize *v.* (די׳-מאן-איז) אריינ-יאגען אין אימעצען א דבוק; מאכען עמי-ליך צו א שד.

demonoc'racy *n.* (די-מאן-אק׳-רע-סי) די הערשאפט פון בייזע גייסטער; אשמדאי'ס מאכט.

demonog'rapher *n.* (די-מאן-אג׳-רע-פער) איינער וואס שרייבט ווענען שדים און בייזע רוחות, א קענער אין דער בע-שרייבונג פון שדים.

demonol'ater *n.* (די-מאן-אל׳-איי-טער) א פערנעטערער פון שדים.

demonol'atry *n.* (די-מאן-אל׳-איי-טרי) די פערנעטערונג פון שדים.

demonolog'ic *a.* (די-מאן-א-לאדזש׳-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע ווע-גען שדים אדער בייזע רוחות.

demonolog'ical *a.* (די-מאן-א-לאדזש׳-אי-קעל) ז. ***demonologic***

demonol'ogy *n.* (די-מאן-אל׳-א-דזשי) די לעהרע ווענען שדים און בייזע רוחות.

demonoma'nia *n.* (די-מאן-א-מיי׳-ני-א) אזא קראנקהייט וואס דער פאציענט גלויבט, אז ער האט א דבוק אדער א ביי-זען רוח אין זיך.

demonop'athy *n.* (די-מאן-אפ׳-ע-טהי) ז. ***demonomania***

demonop'olize *v.* (די-מא-נאפ׳-א-לאיז) מבטל זיין א מאנאפאל, ארויסנעה-מען פון דער מאכט פון א מאנאפאל.

de'monry *n.* (די׳-מאן-רי) די שליטה פון בייזע גייסטער.

de'monship *n.* (די׳-מאן-שיפ) דאס זיין א דעמאן.

demonstrabil'ity *n.* (די-מאן-סטרע-ביל׳-אי-טי) דאס קענען דעמאנסטרירט אדער בעוויזען ווערען.

demon'strable *a.* (די-מאנ׳-סטרעבל) וואס קען דעמאנסטרירט אדער בעוויזען ווערען.

demon'strableness *n.* (די-מאנ׳-סטרעבל-נעס) די אייגענשאפט צו קענען דעמאנסטרירט אדער בעוויזען ווערען.

demon'strably *adv.* (די-מאנ׳-סטרע-בלי) אויסער צווייפעל; אויף א בעוויי-זענדען אופן.

demon'strate *v.* (די-מאנ׳-סטריים) דעמאנסטרירען, אויסשטעלען, בעווייזען, אנצייגען.

dem'onstrater *n.* (דעמ׳-אנ-סטריי-טער) ז. ***demonstrator***

demonstra'tion *n.* (דעמ-אנ-סטריי׳-שאן) א בעווייז, דאס בעווייזען; אן עפענטליכער אויסדרוק פון א מיינונג אדער סימפאטיע; א דעמאנסטראציאן; א מא-נעווער וואס ווערט געמאכט נור צום שיין; אן אויסשטעלונג.

demon'strative *a.* (די-מאנ׳-סטריי-טיוו) 1. וואס איז קלאר און דייטליך ארויסגעשטעלט; איבערצייגענד, ערקלע-רענד; 2. אויסדריקענדיג עפענטליך און ענערגיש א מיינונג אדער געפיהל; 3. דע-מאנסטראטיוו; אויסשטעלענדיג.

2. She is **demonstrative** in her affections.

demon'strative judg'ment (די-מאנ׳-סטריי-טיוו דזשאדזש׳-מענט) אן אורטייל אדער מיינונג וואס עפעס איז איהם דארף נאך בעוויזען ווערען.

demon'stratively *adv.* (די-מאנ׳-סטריי-טיוו-לי) אויף אן איבערצייגענדען אופן; מיט געוויסהייט; מיט געפיהלפאלע אויסדריקע; אויף א דעמאנסטראטיווען אופן.

demon'strativeness *n.* (די-מאנ׳-

סטריי-טיוו-נעס) דאס איבערצייגענדע; דאס זיין דעמאנסטראטיוו.

demon'strative pro'noun (די-מאנ'-סטריי-טיוו פראו'-נאון) א הינווייזענדער פּירוואָרט [אין גראמאטיק — די ווערטער: דיזער, יענער א. ד. ג.].

dem'onstrator *n.* (דעמ'-אַנ-סטריי-טאר) איינער וואס בעווייזט אדער ערקלערט מיט ביישפּילען אדער בילדער; א לעהרער פון פּראקטישע אנאטאמיע וואס שטעלט אויס און ווייזט די טיילען פון א. אנאטאמירטען קערפּער; איינער וואס בעווייזט אדער איבערצייגט; דער צייגעפינגער.

dem'onstratorship *n.* (דעמ'-אַנ-סטריי-טאר-שיפּ) דער אמט פון א לעהרער פון פּראקטישע אנאטאמיע.

demoralisa'tion *n.* (די-מאר-על-אי-זיי'-שאן) ז. ***demoralization***

demor'alise *v.* (די-מאר'-על-איז) ז. ***demoralize***

demoraliza'tion *n.* (די-מאר-על-אי-זיי'-שאן) דעמאראליזאציא, דאס זיין דעמאראליזירט, די פערדארבונג פון דער מאראל אדער זיטען; דאס צושטערען דעם קוראזש, דעם גלויבען, די האפנונגען א. ד. ג.; דאס ברייננגען אין אן אונארדנונג; דאס צומישען אדער צוטומלען.

demor'alize *v.* (די-מאר'-על-איז) דעמאראליזירען, פערדארבען די מאראל אדער זיטען; אוועקנעהמען דעם מוטה, צושטערען דעם קוראזש, דעם גלויבען, די האפנונגען א. ד. ג.; ברייננגען אין אונארדנונג; צומישען, צוטומלען.

Demosthe'nian *a.* (די-מאס-טהי'-ני-ען) וואס איז שייך צום בעריהמטען גריכישען רעדנער דעמאסטהענעס [געבארען אין יאהר 384 פאר קריסטוס].

Demosthen'ic *a.* (די-מאס-טהענ'-איק) ז. ***Demosthenian***

demot'ic *a.* (די-מאט'-איק) פאפּולער, פאלקסטימליך.

demp'ster *n.* (דעמפּ'-סטער) ז. ***deemster***

demul'cent *n. and a.* (די-מאל'-סענט) ווייך מאכענד, לינדערענד; א מיטעל ווייך צו מאכען אדער לינדערען, ווי א זאלב, א פּלאסטער א. ד. ג.

demur' *n. and v.* (די-מויר') ארויסשטעלען ערווידערונגען, מאכען שוועריגקייטען דורכצופיהרען עפּעס; ארויסטרעטען דאגעגען; אין געריכטס-פיהרונג — ארויסשטעלען נייע טענות, כדי אבצולעגען דעם פּראצעס; אן אבשטעל, א פּויזע; דאס צווייפלען צו טהאן א געוויסע זאך אדער ניט; אן ערווידערונג, א טענה נעגען עפּעס.

demure' *a.* (די-מיור') בעשיידען בע-כלומר'שט אדער אנשטענדיג; וואס ווייזט זיך ארויס ערנסט, מיושב'דיג.

demure'ly *adv.* (די-מיור'-לי) מיט א כלומר'שטער ערנסטקייט אדער וואזשנעקייט.

demure'ness *n.* (די-מיור-נעס) ערנסטקייט, געזעצטקייט, בעשיידענהייט, וואזשנעקייט [כלומר'שט אדער אמת'ע].

demu'rity *n.* (די-מיו'-רי-טי) כלומר'שטע ערנסטקייט; איינער וואס ציהט אויף זיך ארויף א כלומר'שטע ערנסטקייט.

demur'rable *a.* (די-מויר'-עבל) בעשטרייטבאר, נעגען וואס מען קען ארויסשטעלען טענות.

demur'rage *n.* (די-מויר'-עדזש) געצאהלט פאר אויפהאלטען א שיף אין האפען ווען זי שטעהט דארטען איבעריגע צייט; פערהאלטונג פון שיפען, אייזענבאהן-וואגאנען א. ז. וו.

demur'ral *n.* (די-מויר'-על) דאס שלאגען זיך מיט דער דעה, דאס צווייפלען, דאס פערציהען די צייט.

demur'rer *n.* (די-מויר'-ער) דער וואס צווייפעלט און קען זיך ניט ענטשליסען; דער וואס פערציהט די צייט; אין געריכטס-פיהרונג — א טענה פון דעם אנגעקלאגטען, אז ווען אפילו מען זאל אננעהמען אז אלץ וואס דער אנקלאגער זאגט איז ריכטיג, קומט איהם דאך ניט דאס וואס ער פאדערט.

demur'rer to ev'idence (די-מויר'-ער טו עוו'-אי-דענס) אין געריכטס-פיהרונג — א טענה פון דעם אנגעקלאגטען, אז כאטש די בעווייזע פון דעם צווייטען צד זיינען ריכטיג, ענטהאלטען זיי דאך ניט גענוג גרונד פאר דער קלאגע.

demy' *n.* (די-מאי') פּאפּיער פון קליינעם פארמאט [16×21 צאל]: א סטודענט וואס קריגט אונטערשטיצונגס-געלד [סטיפּענדיע].

den *n.* (דען) 1. א הייל, א גרוב; א נעסט; 2. א בדידה-שטיבעל; 3. וואהנען אין א הייל.

1. The robber's **den** was raided by the police.

dena'rius *n.* (די-ניי'-רי-אס) א דינור [אן אלטע רוימישע מטבע].

den'ary *n. and a.* (דענ'-ע-רי) וואס ענטהאלט צעהן; צעהנפאך; א צעהנדליג; א דינור [אלט-רוימישע מטבע].

denationalisa'tion *n.* (די-נעש-אנ-על-אי-זיי'-שאן) ז. ***denationalization***

denationaliza'tion *n.* (די-נעש-אנ-על-אי-זיי'-שאן) דאס בערויבען אדער זיין בערויבט פון די נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען אדער רעכטען; דאס דענאציאנאליזירען. ז. ***denationalize***

dena'tionalize *v.* (די-נעש'-אנ-על-איז) דענאציאנאליזירען, בערויבען אדער זיין בערויבט פון די נאציאנאלע אייגענטימליכקייטען אדער רעכטען; מאכען, אז א געוויסע ערשיינונג זאל ניט זיין א נאציאנאלע, נאר א לאקאלע אדער א קאסמאפּאליטישע.

denat'uralise *v.* (די-נעטש'-יו-רעל-איז) ז. ***denaturalize***

denat'uralize *v.* (די-נעטש'-יו-רעל-איז) מאכען ניט נאטירליך; דערווייטערען פון דער נאטור; אוועקנעהמען די בירגער-רעכטע.

dena'ture *v.* (די-ניי'-טשור) ז. ***denaturize***

denaturiza'tion *n.* (די-ניי-טשור-אי-זיי'-שאן) דאס אוועקנעהמען די נאטירליכע אייגענשאפטען; די ענדערונג פון אלקאהאל אזוי אז עס זאל ניט קענען געברויכט ווערען צום טרינקען.

dena'turize *v.* (די-ניי'-טשור-איז) אוועקנעהמען די נאטירליכע אייגענשאפטען; ענדערען אלקאהאל אזוי אז עס זאל ניט קענען געברויכט ווערען צום טרינקען.

den'driform *a.* (דענ'-דרי-פארם) בוים-פערמיג, ווי א בוים, עהנליך צו א בוים.

den'drite *n.* (דענ'-דראיט) דענדריט, [א שטיין אדער א מינעראל מיט צייכנונגען אין דער פארם פון בוימלעך און צווייגלעך, דיעזע צייכנונגען נעהמען זיך פון א געוויסער נאטירליכער קריסטאליזירונג פון מעטאל-שטאפען].



Dendrite

dendrit'ic *a.* (דענ-דריט'-איק) בוים-פערמיג, וואס איז שייך צום בוים-שטיין. ז. ***dendrite***

dendrit'ical *a.* (דענ-דריט'-אי-קעל) ז. ***dendritic***

dendrit'ically *adv.* (דענ-דריט'-אי-קעל-אי) ארויסווייזענדיג זיך אין דער פארם פון א בוים.

den'droid *a.* (דענ'-דראיד) אזוי ווי א בוים; בוים-פערמיג.

dendroi'dal *a.* (דענ-דראי'-דעל) ז. ***dendroid***

den'drolite *n.* (דענ'-דרא-לאיט) א פערשטיינערטער בוים אדער פלאנצע.

dendrolog'ical *a.* (דענ-דרא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דענדראלאגיע [די וויסענשאפט וועגען בוימער].

dendrol'ogist *n.* (דענ-דראל'-א-דזשיסט) א דענדראלאגיסט, א געלעהרטער אין דער וויסענשאפט וועגען בוימער.

dendrol'ogy *n.* (דענ-דראל'-א-דזשי) דענדראלאגיע, די לעהרע וועגען בוימער.

dendrom'eter *n.* (דענ-דראמ'-ע-טער) א דענדראמעטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען די הויך און גרעב פון בוימער].

den'gue *n.* (דענ'-גיי) א מין אנשטעקענדע פיבער-קראנקהייט אין וועסט-אינדיען און אין דרום פון די פעראייניגטע שטאאטען.

deni'able *a.* (די-נאי'-עבל) וואס קען אבנעלייקענט אדער אבגעשלאגען ווערען.

deni'al *n.* (די-נאי'-על) 1. הכחשה, אבלייקענונג, פערניינונג; אן אבשלאגענדער ענטפער, א נעגען-טענה; 2. דאס צוריקווייזען א בקשה.

1. The lawyer speaking for his client entered a general **denial** of the complaint. 2. The request was met by a **denial**.

deni'er *n.* (די-נאי'-ער) אן אבלייקענער; איינער וואס גיט ניט אן אבשלאגענדען ענטפער; איינער וואס ווייזט צוריק א בקשה.

denier' *n.* (דע-ניער') א דעניע [אן אלט-פראנצויזישע זילבערנע מטבע].

Denier

den'im *n.* (דענ'-אים) א גראבער געפארבטער צייג פון באוועל.

deniza'tion *n.* (דענ-אי-זיי'-שאן) דאס נאטוראליזירען, דאס מאכען א אויסלענדער פאר א בירגער.

den'izen *n. and v.* (דענ'-איזן) א בירגער, אן איינוואוהנער, א תושב; אין ענגלאנד — אן אויסלענדער וואס האט בעקומען בירגער-רעכטע, אבער קען ניט פער-

נעהמען קיין מלוכה-שטעלע ; געבען בירגער-רעכטע.

denizena'tion *n.* (דענ-אי-זענ-איי'-שאן) ז. *denization*

den'izen of the world (דענ'-איזן אוו טהי הוואירלד) דער וועלט-בירגער, קאסמאפאליט.

den'izenship *n.* (דענ'-איזנ-שיפ) דאס זיין א בירגער ; דאס האבען בירגער-רעכט.

den'net *n.* (דענ'-עט) א קאבריאלעט [א לייכטע קארעטע אויף צוויי רעדער].

denom'inable *a.* (די-נאמ'-אי-נעבל) וואס קען בעשטימט אדער ערנענט ווערען.

denom'inate *v.* (די-נאמ'-אי-נייט) געבען א נאמען, ערנענען, בעשטימען.

denomina'tion *n.* (די-נאמ-אי-ניי'-שאן) ערנענונג, בעשטימונג ; די בענענונג, א נאמען ; א סעקטע, א כתה, א קלאס, אן אבטיילונג.

denomina'tional *a.* (די-נאמ-אי-ניי'-שאנ-על) וואס געהערט צו א סעקטע אדער א כתה ; וואס איז שייך צו א נאמען אדער נאמען-געבונג.

denomina'tionally *adv.* (די-נאמ-אי-ניי'-שאנ-על-אי) קאנפעסיאנעל, בנוגע צו א סעקטע.

denom'inative *n. and a.* (די-נאמ'-אי-נע-טיוו) בענענענד ; וואס קען האבען א נאמען ; אין גראמאטיק — וואס האט זיך אויסגעבילדעט פון א הויפט-ווארט אדער ביי-ווארט [ווענען צייט-ווערטער] ; א צייט-ווארט וואס האט זיך אויסגעבילדעט פון א הויפט-ווארט אדער ביי-ווארט [ווי למשל, דאס צייט-ווארט "זיין געשיקט" האט זיך אויסגעבילדעט פון "געשיקט" און "געשיקטקייט"].

denom'inatively *adv.* (די-נאמ'-אי-ניי-טיוו-לי) דורך בענענונג, דורך בעצייכנען מיט א נאמען.

denom'inator *n.* (די-נאמ'-אי-ניי-טאר) דער בענענער, דער וואס גיט א נאמען ; דער נענער אין א ברוך-צאהל [די אונטערשטע צאהל פון א ברוך-צאהל וועלכע בעווייזט אויף וויפיעל גלייכע חלקים די זאך איז צוטיילט געווארען, ווי די צאהל 7 אין ברוך-צאהל $\frac{4}{7}$].

deno'table *a.* (די-נאו'-טעבל) וואס קען בעצייכענט ווערען.

denota'tion *n.* (די-נא-טיי'-שאן) די בעצייכנונג.

deno'tative *a.* (די-נאו'-טע-טיוו) וואס קען בעצייכנען.

deno'tatively *adv.* (די-נאו'-טיי-טיוו-לי) דורך בעצייכנונג.

denote' *v.* (די-נאוט') בעצייכנען, אנציינען.

dénoue'ment *n.* (דיי-נו'-מאן) די לעזונג פון א רעטעניש אדער געהיימניס ; די ענטוויקלונג פון א דראמא ; די אויפקלערונג פון א פערשווערונג.

denounce' *v.* (די-נאונס') 1. מזהיר זיין, אנקינדיגען, ערקלערען [ווי קריעג] ; 2. פערדאמען ; 3. פער'מסר'ען, פערקלאגען.
2. The orator **denounced** his enemies.

denounce'ment *n.* (די-נאונס'-מענט) דאס פער'מסר'ען, דאס פערקלאגען.

denoun'cer *n.* (די-נאונ'-סער) אנקינדיגער ; אנקלעגער, מוסר.

de no'vo (די נאו'-וואו) איבער-א-נייס, פון אנפאנג.

dens *n.* (דענז) א צאהן ; א צאהן-ארטיגער קערפער-טייל.

dense *a.* (דענס) געדיכט ; אונדורכזיכטיג ; קאמפאקט ; מגושם'דיג, גראב ; דום.

dense'ly *adv.* (דענס'-לי) אויף א קאמפאקטען אדער געדיכטען אופן; מגושם'דיג, גראב ; דום.

dense'ness *n.* (דענס'-נעס) געדיכטקייט; אונדורכזיכטיגקייט ; קאמפאקטקייט ; מגושם'דיגקייט ; גראבקייט ; דומהייט.

den'sher *v.* (דענ'-שיר) פערבעסערען לאנד דורך פערברענען טארף, שטרוי-ווארצלען א. ד. ג., וועלכע ווערען אויסגעלעגט אין קופקעס אויף'ן פעלד און נאכדעם ווערט פערשפרייט דאס אש.

den'shering *n.* (דענ'-שיר-אינג) דאס פערבעסערען לאנד דורך פערברענען טארף אדער שטרוי-ווארצלען און פערשפרייטען דאס אש אויף'ן פעלד.

den'shire *v.* (דענ'-שיר) ז. *densher*

den'shiring *n.* (דענ'-שיר-אינג) ז. *denshering*

densim'eter *n.* (דענ-סימ'-ע-טער) אן אפאראט צו מעסטען די געדיכטקייט אדער די ספעציפישע שווערקייט פון שטאפען.

den'sity *n.* (דענ'-סי-טי) געדיכטקייט, קאמפאקטקייט [אין בעצוג צו דער געדיכטקייט פון די מאלעקולען אין שטאף פון וועלכער עס הענגט אב זיין געוויכט].

dent *n., a. and v.* (דענט) אן איינשניט, א קארב ; א צאהן פון א קאם אדער פון א צאהן-ראד ; געקארבט, געצאקט ; מאכען א קארב ; מאכען צאקען.

dentag'ra *n.* (דענ-טעג'-רא) צאהן-שמערצען ; אן אינסטרומענט ארויסצורייסען א צאהן.

den'tal *n. and a.* (דענ'-טעל) וואס איז שייך צו די צייהנער ; וואס ווערט אויסגעשפראכען דורך די צייהנער [ווענען געוויסע בוכשטאבען, ווי ד, ט]; א בוכשטאב, וואס ווערט אויסגעשפראכען דורך די צייהנער.

den'tal canal' (דענ'-טעל קע-נעל') דער קאנאל פון צאהן, דורך וועלכען עס געהט דורך דער נערוו.

den'tal cav'ity (דענ'-טעל קעוו'-אי-טי) די אויסהוילונג אין צאהן וואו עס געפינט זיך דער צאהן-נערוו [די פולפע].

dental'ity *n.* (דענ-טעל'-אי-טי) דאס ווערען אויסגעשפראכען דורך די צייהנער [ווי געוויסע אותיות].

dentaliza'tion *n.* (דענ-טעל-אי-זיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען דורך די צייהנער.

den'tal par'lor (דענ'-טעל פאר'-לאר) א צאהן-הייל-אנשטאלט [וואו עס זיינען בעשעפטיגט מעהרערע דענטיסטען].

den'tal pulp (דענ'-טעל פאלפ) דער צאהן-נערוו [די פולפע].

den'tal sur'geon (דענ'-טעל סויר'-דזשאן) א צאהן-דאקטאר, א דענטיסט.

den'tal sur'gery (דענ'-טעל סויר'-דזשער-אי) דענטיסטיק; צאהן-הייל-קונסט.

den'tary *a.* (דענ'-טע-רי) וואס איז שייך צו צייהנער.

den'tate *a.* (דענ'-טייט) צייהניג, מיט שפיצען, מיט צאקען ; וואס האט א געצאקטען ראנד [ווי א פלאנצען-בלאט].

den'tated *a.* (דענ'-טיי-טעד) ז. *dentate*

den'tately *adv.* (דענ'-טייט-לי) אויף א געצאקטען אדער צייהנערדיגען אופן.

den'ted *a.* (דענ'-טעד) צאקיג, צייהניג.

den'tel *n.* (דענ'-טעל) ז. *dentil*

den'telated *a.* (דענ'-טעל-איי-טעד) וואס האט צייהנער אדער צאקען.

dentelle' *n.* (דענ-טעל') שפיצען, צאקען [קרוזשעווא].

dentel'li *n.* (דענ-טעל'-אי) די פערפוצונגען אין א קארניז, וואס האבען די פארם פון פיערקאנטיגע צייהנער.

den'ticle *n.* (דענ'-טיקל) א קליינער צאהן ; אן ארויסשטארצונג, וואס האט די פארם פון א צאהן ; דער לייסט פון'ם קארניז, וואס איז פערפוצט מיט פיערקאנטיגע צייהנער.

dentic'ulate *a.* (דענ-טיק'-יו-לייט) געצאקט.

dentic'ulated *a.* (דענ-טיק'-יו-ליי-טעד) ז. *denticulate*

dentic'ulately *adv.* (דענ-טיק'-יו-לייט-לי) אויף א געצאקטען אופן.

Diaphragm

diaphrag'mal *a.* (דאי-ע-פרעג'-מעל) וואס טיילט אב, וואס שיידעט אב איין חלק פון צווייטען [ווי די צווערכפעל טיילט אב דעם ברוסט-קאסטען פון בויך].

diaphragmal'gia *n.* (דאי-ע-פרעג-מעל'-דזשי-א) א שמערץ אין צווערכפעל [די דיקע הויט וואס טיילט אב דעם ברוסט-קאסטען פון בויך].

diaphragmal'gy *n.* (דאי-ע-פרעג-מעל'-דזשי) ז. *diaphragmalgia*.

diaphragmat'ic *a.* (דאי-ע-פרעג-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א שיידוואנד אדער צו דער צווערכפעל. ז. *diaphragm*.

diaphragmati'tis *n.* (דאי-ע-פרעג-מע-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון צווערכ-פעל [די דיקע הויט וואס טיילט אב דעם ברוסט-קאסטען פון בויך].

diaphragmodyn'ia *n.* (דאי-ע-פרעג-מא-דינ'-אי-א) ז. *diaphragmalgia*.

diapno'ic *n. and a.* (דאי-עפ-נאו'-איק) וואס רופט ארויס א לייכטען שווייס; א מעדיצין, וואס רופט ארויס א לייכטען שווייס.

diapnot'ic *a.* (דאי-עפ-נאט'-איק) וואס רופט ארויס א לייכטען שווייס [ווענען א מעדיצין].

diapore'sis *n.* (דאי-ע-פא-רי'-סיס) א פארמע אין רעדען, ווען דער רעדנער שטעלט פאר ווי ער וואלט זיין אין צוויי-פעל, וואס פאר א בעהויפטונג ער זאל מאכען, צ. ב.: זאל איך עס רופען א נא-רישקייט אדער א פערברעכען? איז דאס אונוויסענהייט אדער דעמאגאגיע? א. ד. ג.

di'archy *n.* (דאי'-אר-קי) א רעגירונג פון צוויי הערשער.

dia'rial *a.* (דאי-איי'-רי-על) ז. *diarian*.

dia'rian *a.* (דאי-איי'-רי-ען) וואס איז שייך צו א טאגעבוך.

di'arist *n.* (דאי'-ע-ריסט) א טאגעבוך-שרייבער.

di'arize *v.* (דאי'-ע-ראיז) פערשרייבען אין א טאגעבוך; פיהרען א טאגעבוך.

diarrhe'a *n.* (דאי-ע-רי'-א) דורכפאל [א לויזער מאגען], רוהר, שלשול.

diarrhe'al *a.* (דאי-ע-רי'-על) וואס איז שייך צו רוהר [שלשול] אדער צו א לוי-זען מאגען.

diarrhe'ic *a.* (דאי-ע-רי'-איק) ז. *diarrheal*.

diarrhet'ic *a.* (דאי-ע-רעט'-איק) ז. *diarrheal*.

diarrhœ'a *n.* (דאי-ע-רי'-א) ז. *diarrhea*.

diarrhœ'al *a.* (דאי-ע-רי'-על) ז. *diarrheal*.

diarrhœt'ic *a.* (דאי-ע-רעט'-איק) ז. *diarrheal*.

diarthro'sis *n.* (דאי-אר-טהראו'-סיס) א געלענק.

di'ary *n.* (דאי'-ע-רי) א טאגעבוך.

diascor'dium *n.* (דאי-ע-סקאהר'-די-אם) אזא סירופ, וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס מיטעל צו מאגען-קראנקהיי-טען.

dias'pora *n.* (דאי-עס'-פא-רא) דער אידישער גלות, די צושפרייטונג פון דעם אידישען פאלק צווישען די איבריגע פעל-קער.

di'astase *n.* (דאי'-ע-סטייס) א שטאף, וואס בילדעט זיך אין ווייץ, האבער און קארטאפעל בעת זיי לאזען וואָרצלען און וואס פערוואנדעלט קראכמאל אין צוקער.

dias'tasis *n.* (דאי-עס'-טע-סיס) דאס פאנאנדערגייען צווישען צוויי ביינער-גלידער ניט צוזאמענגעוואקסען; דאס אויסלינקען.

di'astem *n.* (דאי'-ע-סטעם) דער אינ-טערוואל [דער צייט-איבערגאנג] אין מו-זיק.

diaste'ma *n.* (דאי-ע-סטי'-מא) דער צווישענרוים צווישען צוויי צייהנער [אי-בערהויפט צווישען צוויי צייהנער פון פער-שיעדענע מינים]; דער אינטערוואל [צייט-איבערגאנג] אין מוזיק.

dias'tole *n.* (דאי-עס'-טא-לי) די פא-נאנדערציהונג פון דעם הארצען אדער פון די פולס-אדערען; די צווישענצייט צווישען דער פאנאנדערציהונג און דער צוזאמענצי-הונג פון דעם הארצען אדער פון די פולס-אדערען.

di'astyle *a.* (דאי'-ע-סטאיל) אין דער בוי-קונסט — וואס איז שייך צו דער קלא-סישער אויסשטעלונג פון זיילען אזוי, אז דער שטח צווישען איין זייל און צווייטען איז גלייך צום דרייפאכען דיאמעטער [גרעב] פון א זייל.

di'asyrm *n.* (דאי'-ע-סוירם) א רעדע-פארם, וואס דריקט אויס שפאט.

diather'mal *a.* (דאי-ע-טהויר'-מעל) וואס לאזט דורך זיך דורך היץ-שטראהלען.

diather'mance *n.* (דאי-ע-טהויר'-מענס) די פעהיגקייט דורכצולאזען דורך זיך היץ-שטראהלען.

diather'mancy *n.* (דאי-ע-טהויר'-מען-סי) ז. *diathermance*.

diathermane'ity *n.* (דאי-ע-טהויר-מע-ני'-אי-טי) ז. *diathermance*.

diather'manous *a.* (דאי-ע-טהויר'-מע-נאס) ז. *diathermal*.

diathermom'eter *n.* (דאי-ע-טהויר-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די פעהיגקייט פון א שטאף דורכצולאזען דורך זיך היץ-שטראהלען.

diather'mous *a.* (דאי-ע-טהויר'-מאס) ז. *diathermal*.

diath'esis *n.* (דאי-עטה'-ע-סיס) אן אנלאגע; אן אנלאגע צו א קראנקהייט; דאס זיין עלול צו ווערען קראנק; דער צושטאנד פון קערפער.

diathet'ic *a.* (דאי-ע-טהעט'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון אן אנלאגע אדער צושטאנד פון קערפער [ווענען קראנקהייטען]; וואס העננט אב פון דעם צושטאנד פון קערפער.

diathet'ically *adv.* (דאי-ע-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אופן וואס איז אבהענגיג פון דעם צושטאנד פון קערפער אדער פון זיין אנלאגע [צו קראנקהייטען].

di'atom *n.* (דאי'-ע-טאם) א דיאטאמעע [אזא איין-צעליגע מיקראסקאפישע וואסער-פלאנצע]. ז. *Diatomaceæ*.

Diat'oma *n.* (דאי-עט'-א-מא) א מין דיאטאמעען [איין-צעליגע מיקראסקאפישע וואסער-פלאנצען], וואס זיינען פערבונדען אזוי, אז זיי בילדען זיגזאגען. ז. *Diatomaceæ*.

Diatoma'ceæ *n.* (דאי-ע-טא-מיי'-סי-אי) א מין איין-צעליגע מיקראסקאפישע וואסער-פלאנצען [זיי געפינען זיך אין אלע וועלט-טיילען אויף'ן גרונד פון די ימים און טייכען. זיי בינדען זיך צוזאמען אין שנירלעך, וועלכע בילדען פערשיעדענע פאנטאסטישע פיגורען].

diatom'ic *a.* (דאי-ע-טאמ'-איק) אין כעמיע — וואס בעשטעהט פון צוויי אטאמען.

diaton'ic *a.* (דאי-ע-טאנ'-איק) דיאטאניש, האלטענדיג זיך אן דעם געוועהנליכען טאנלייטער, בענוצענדיג בלויז גאנצע טענער [אין מוזיק].

diaton'ically *adv.* (דאי-ע-טאנ'-אי-קעל-אי) דורך דעם געברויך פון גאנצע טענער [פון דעם געוועהנליכען טאנלייטער].

diaton'ic mel'ody (דאי-ע-טאנ'-איק מעל'-א-די) א מאטיוו, וואס בעשטעהט פון די טענער פון דעם געוועהנליכען טאנלייטער, אין וועלכען עס קומען נים אריין קיין האלבע טענער.

diaton'ic scale (דאי-ע-טאנ'-איק סקייל) א געוועהנליכער טאנלייטער [פון גאנצע טענער].

diat'onous *a.* (דאי-עט'-א-נאס) וואס ציהט זיך פון פארענט נאך הינטען; וואס זעהט זיך ארויס פון ביידע זייטען.

di'atribe *n.* (דאי'-ע-טראיב) אן אויספיהרליכע אבהאנדלונג; א ביטערע קריטיק; שימפפעריי.

di'atribist *n.* (דאי'-ע-טראי-ביסט) איינער וואס שרייבט אויספיהרליכע אבהאנדלונגען; איינער וואס פאלט אן, קריטיקירט בייז אדער שימפפט.

dib *v. and n.* (דיב) לייכט ארייגלאזען א וועדקע אין וואסער; אן אויסהוילונג, א פערטיעפונג אין דער ערד; דאס ארייגלאזען לייכט די וועדקע אין וואסער.

dib'ber *n.* (דיב'-ער) א פלאנץ-שטאק [אזא געצייג וואס ווערט געברויכט צו מאכען לעכער אין דער ערד, וואו מען פערזייהט אדער פערפלאנצט עפעס]; א געצייג וואס ווערט געברויכט אין די שאכטען צו מאכען לעכער.

dib'ble *n. and v.* (דיבל) א פלאנץ-שטאק [א געצייג וואס ווערט געברויכט צו מאכען לעכער אין דער ערד, וואו מען פערזייהט אדער מען פערפלאנצט עפעס]; פערפלאנצען אדער פערזייהען מיט דער הילף פון א פלאנץ-שטאק; לייכט ארייגלאזען די וועדקע אין וואסער [ביי פישפאנג].

dib'bler *n.* (דיב'-לער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט אין דער ערד לעכער צו פערזייהען אדער פערפלאנצען עפעס.

dibs *n.* (דיבז) א שפיעל אין ציינענס, א קינדער-שפיעל, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס מען ווארפט קליינעביינדלעך פון שעפסענע פיסלעך אדער שטיינדלעך און מען כאפט זיי אויף פריהער אויף איין זייט פון דער האנד [אויף דער דלאניע] און נאכדעם אויף דער צווייטער; א סירופ פון ווייטרויבען-זאפט אדער פון טייטלען-זאפט.

dib'stone *n.* (דיב'-סטאון) א ביינדעל אדער שטיינדעל אין דעם קינדערשען ציינענען-שפיעל; דער ציינען-שפיעל. ז. *dibs*.

dica'cious *a.* (די-קיי'-שאס) סאטיריש, בייסענד, פעפערדיג.

di'cast *n.* (דאי'-קעסט) אין אלט-גריכענלאנד — איינער פון די 6000 בירגער, וועלכע מען פלעגט לויט'ן גורל אויסקלייבען יעדען יאהר אלס פאלקס-ריכטער [אין דער שטאדט אטהען].

dice *n. and v.* (דאיס) ווירפלעך אדער די ביינדלעך פון ווירפעל-שפיעל; דאס ווירפעל-שפיעל; שפיעלען אין ווירפלעך; פאנאנדערשניידען אין קוביקעס אדער קוואדראטען; צונעהען געשטריקטע אדער אויסגענעהטע צייג צו די פאלעס פון א קלייד אדער מאנטעל; בעציערען מיט געשטריקטע אדער אויסגענעהטע צייג.

dice'-box *n.* (דאיס-באקס) דער ווירפעל-בעכער [אזא צילינדרישע קעסטעלע, פון וועלכען מען ווארפט ארויס די שפיעלווירפעל ביים שפיעלען]; דער איזאלאטאר [איינע פון די גלעזערנע אדער פארצעלייענע קעפעלעך, צו וועלכע מען פעסטיגט צו די טעלעגראפען-דראטען, וואס ציהען זיך איבער די סלופעס].

Dicen'tra *n.* (דאי-סענ'-טרא) א מין ניד-ריגע צארטע און לאנג-לעבענדע גראזען, ביי וועלכע די בליהונג העננט אראב אין דער פארם פון רויטליכע אדער געלבע הערצלעך.

Dicentra

diceph'alous *a.* (דאי-סעפ'-ע-לאס) צווי-קעפיג, וואס האט צוויי קעפ אויף איין קערפער.

dice'-play'er *n.* (דאיס-פליי'-ער) איינער וואס שפיעלט אין ווירפלעך אדער ביינדלעך.

dichlamyd'eous *a.* (דאי-קלע-מיד'-אי-אס) אין באטאניק—וואס האט א צווייענדיג בלומען-שיידעל [א פלאנצע, ביי וועלכער דער געשלעכטס-ארגאן בעשטעהט פון א בלומען-שיידעל, וואס ענטהאלט אין זיך אי דאס גרינע בעכערעל אי דאס רויטע קריינדעל פון דער בלום].

dichlo'rid *n.* (דאי-קלאו'-ריד) דאפעל-כלאר-זאלץ.

dichot'omize *v.* (דאי-קאט'-א-מאיז) צושניידען אדער פאנאנדערטיילען אין צווייען; צוטיילען פארוויז; איינגעטיילט ווערען פארוויז.

dichot'omous *a.* (דאי-קאט'-א-מאס) וואס איז שייך צו א פאר, וואס בעשטעהט פון א פאר; צוטיילט אין צווייען.

dichot'omously *adv.* (דאי-קאט'-א-מאס-לי) דורך צוטיילען פארוויז.

dichot'omy *n.* (דאי-קאט'-א-מי) דאס צושניידען אין צווייי; דאס פאנאנדערטיילען פארוויז; אין לאגיק — די צוטיילונג פון א קלאס אין צוויי אונטער-קלאסען, וואס איינער איז דער היפוך פון צווייטען [ווי למשל, אלע מענשען קענען ווערען צוטיילט אויף צוויי טיילען: שעהנע און נים שעהנע]; דער צושטאנד פון דער לבנה ווען זי ווייזט זיך ארוים נור א האלבע; די צווייגונג פון פלאנצען, וועלכע בילדען זיך אוים אין דער פארם פון גאפלען [ז. איל.].

Dichotomy

di'chroism *n.* (דאי'-קרא-איזם) דיכראיזם [די אייגענשאפט פון געוויסע מינעראלען ארויסצואווייזען פערשיעדענע קאלירען, ווען מען האלט זיי פאר'ן אויג אין פערשיעדענע ריכטונגען].

dichromat'ic *a.* (דאי-קרא-מעט'-איק) וואס האט צוויי קאלירען.

dichro'matism *n.* (דאי-קראו'-מע-טיזם) דאס האבען אדער ארויסווייזען זיך אין צוויי בעזונדערע קאלירען.

dichro'mic *a.* (דאי-קראו'-מיק) וואס זעהט נור צוויי קאלירען; וואס איז שייך צו צוויי קאלירען.

di'chroscope *n.* (דאי'-קרא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו מעסטען אדער פרובירען דאס דיכראאיזם פון קריסטאלען. ז. *dichroism*.

di'cing *n.* (דאי'-סינג) דאס שפיעלען אין ביינדלעך.

di'cing-house *n.* (דאי'-סינג-האוס) דאס שפיעל-הויז [א פלאץ וואו מען שפיעלט אויף געלד אין קארטען, אין ביינדלעך א. ד. ג.].

dick'ens *n.* (דיק'-ענס) טייוועל!

dick'er *n.* (דיק'-ער) קליין-האנדעל דורך אויפקויפען מציאות און בייטען סחורות אויף סחורות.

dick'ey *n.* (דיק'-אי) א לעדערנער פארטוך; א קינדערש גאוווער-פארטוכעל; א מאנישקע; דער פלאץ אין א קארעטע, וואו עס זיצט דער לאקיי אדער אן אנדער דיענער.

dick'y *n.* (דיק'-אי) א לעדער־ אַן עזעל; א נער פארטוך; קינדעריש נאַווער־פּארטוכעל; א מאַנישקע; דער פּלאַץ אין א קארעטע, וואו עס זיצט דער לאַקיי אדער אַן אנדער דינער.

dick'y-bird *n.* (דיק'-אי-בוירד) א קליין פויגעלע.

di'clinate *a.* (דאי'-קלי-נייט) ז. *diclinic*.

diclin'ic *a.* (דאי-קלינ'-איק) וואס צוויי פון די זיך שניידענדע אקסען זיינען שרעג [ווענען געוויסע קריסטאלען].

di'clinous *a.* (דאי'-קלי-נאס) מיט אב־ געטיילטע געשלעכטס־ארגאנען [ווענען פלאנצען וואס דער מענליכער ארגאן און דער ווייבליכער געפינען זיך ניט אין איין בלום]; וואס צוויי פון די זיך שניידענדע אקסען זיינען שרעג [ווענען געוויסע קריס־ טאלען].

dicoc'cous *a.* (דאי-קאק'-אס) צוויי־קער־ ניג [ווענען פרוכט וואס האבען דאפּעלטע זאמען־קערענדלעך].

dicotyle'don *n.* (דאי-קאט-אי-לי'-דאן) א פלאנצע וואס האט צוויי זאמען־הילזען.

dicotyle'donous *a.* (דאי-קאט-אי-לי'- דאנ-אס) וואס האט צוויי זאמען־הילזען [ווענען גע־ וויסע פלאנצען].

Dicotyledo-nous Plant

dicrot'ic *a.* (דאי-קראט'- איק) וואס שלאגט דאפּעלט [ווענען דעם פּולס, ווען ער שלאגט צוויי מאל אין דער צייט ווען דאס הארץ שלאגט איין מאל].

dic'rotism *n.* (דיק'-רא- טיזם) דאס שלאגען דאַ־ פּעלט [ווענען פּולס]. ז. *dicrotic*

dic'rotous *a.* (דיק'-רא-טאס) ז. *dicrotic*.

dic'tate *n. and v.* (דיק'-טייט) 1. דיקטי־ רען, זאגען וואס צו שרייבען; זאגען וואס צו טהאן; 2. בעפעהלען; פארשלאגען; א פארשלאג; א בעפעהל.
1. He dictated a letter. 2. Don't dictate to me how to do it.

dicta'tion *n.* (דיק-טיי'-שאן) דאס דיקטי־ רען. ז. *dictate*.

dicta'tor *n.* (דיק-טיי'-טאר) א דיקטא־ טאר, אן אונבעשרענקטער הערשער אדער בעפעהל־האבער.

dictato'rial *a.* (דיק-טיי-טאו'-רי-על) דיקטאטאריש, אונבעשרענקט אין מאכט, בעפעהלעריש; וואס איז שייך צו א דיק־ טאטאר; דאגמאטיש, ווי פארגעשריבענ, ווי געהייסען.

dictato'rially *adv.* (דיק-טיי-טאו'-רי- על-אי) אויף דעם אופן פון א דיקטאטאר; לויט דער דאגמא, לויט ווי פארגעשריבען, לויט בעפעהל.

dictato'rialness *n.* (דיק-טיי-טאו'-רי- על-נעס) דאס זיין דיקטאטאריש.

dicta'torship *n.* (דיק-טיי'-טאר-שיפּ) דער אמט פון א דיקטאטאר אדער אונבע־ שרענקטען בעפעהלס־האבער.

dicta'tress *n.* (דיק-טיי'-טרעס) א דיק־ טאטארין, אן אונבעשרענקטע בעפעהלס־ האבערין.

dicta'trix *n.* (דיק-טיי'-טריקס) ז. *dictatress*.

dic'tion *n.* (דיק'-שאן) די דיקציע, דער אויסדרוק, דער סטיל פון ריידען.

dictiona'rian *n.* (דיק-שא-ניי'-רי-ען) א פערפאסער פון א ווערטערבוך.

dic'tionary *n. and a.* (דיק'-שאנ-איי־ רי) א ווערטערבוך; וואס איז שייך צו א ווערטערבוך.

dic'tum *n.* (דיק'-טאם) אן אויסשפרוך, א מיינונג, א בעהויפּטונג; א שפּריכווארט; א מיינונג פון א ריכטער וועגען א פּונקט וועלכער איז ניט דער עיקר פון דער פּרא־ גע וואס ווערט פערהאנדעלט און האט ניט צו טהאן מיט דער ענדגילטיגער ענטשיי־ דונג; א מיינונג פון א ריכטער, וואס איז אבער דאך ניט קיין אורטייל.

did (דיד) ז. *do* געטהאן.

didac'tic *n. and a.* (די-דעק'-טיק) בע־ לעהרענד; אן אבהאנדלונג וועגען בילדונג אדער ערציהונג.

didac'tical *a.* (די-דעק'-טי-קעל) בע־ לעהרענד.

didac'tically *adv.* (די-דעק'-טי-קעל- אי) אויף א בעלעהרענדען אופן.

didacti'cian *n.* (דיד-עק-טיש'-ען) איי־ נער וואס אונטערריכטעט, איינער וואס בע־ לעהרט; איינער וועלכער שרייבט בעלעה־ רענד.

didac'ticism *n.* (די-דעק'-טי-סיזם) דאס זיין בעלעהרענד; דאס בעלעהרען.

didac'tics *n.* (די-דעק'-טיקס) די קונסט פון אונטערריכט און ערציהונג.

didac'tyl *n. and a.* (דאי-דעק'-טיל) וואס האט צוויי פינגער; א חיה וועלכע האט נור צוויי פוס־פינגער אין א פוס.

didac'tyle *n. and a.* (דאי-דעק'-טיל) ז. *didactyl*

didac'tylous *a.* (דאי-דעק'-טי-לאס) וואס האט צוויי פינגער; וואס האט צוויי פוס־ פינגער.

did'apper *n.* (דיד'-עפּ-ער) דער טויכער [אזא פויגעל וואס האט די געוואוהנהייט זיך צו טוקען אין וואסער].

didas'calar *a.* (די-דעס'-קע-לאר) בע־ לעהרענד.

didascal'ic *a.* (די-דעס-קעל'-איק) ז. *didascalar*

did'der *v.* (דיד'-ער) שוידערען, ציטערען [פון קעלט].

did'dle *v.* (דידל) [ווי א קינד געהט]; זיך וואקלען אבנארען, בעשווינדלען.

did'dler *n.* (דיד'-לער) א שווינדלער.

Didel'phia *n.* (דאי-דעל'-פי-א) א מין קליינע חיות וואס די נקבות פון זיי האבען צוויי מוטער־לייבער.

didel'phian *a.* (דאי-דעל'-פי-ען) וואס איז שייך צו די חיות וואס די נקבות פון זיי האבען צוויי מוטער־לייבער.

didel'phic *a.* (דאי-דעל'-פיק) ז. *didelphian*

didel'phoid *a.* (דאי-דעל'-פאיד) דאַ־ פּעלט [ווענען די מוטער־לייבער פון געוויסע חיות]. ז. *Didelphia*

didel'phys *n.* (דאי-דעל'-פיס) א ראַץ מיט צוויי מוטער־לייבער.

didn't (דידנט) אן אבקירצונג פון *did not* [ניט געטהאן].

di'do *n.* (דאי'-דאו) א שטוקע, א שפּיצעל.

didst (דידסט) ז. *do* דו האסט געטהאן.

did'ymous *a.* (דיד'-אי-מאס) וואס וואקסט פארוויז אדער אין צווילינגס.

Didyna'mia *n.* (דיד-אי-ניי'-מי-א) דער מין פלאנצען וואס האבען צוויי לענגערע און צוויי קירצערע שטויב־פעדעם.

didyna'mian *a.* (דיד-אי-ניי'-מי-ען) ז. *didynamous*

didynam'ic *a.* (דיד-אי-נעמ'-איק) ז. *didynamous*

didyn'amous *a.* (דאי-דינ'-ע-מאס) אין צוויי אונגלייכע פּארען [ווענען פלאנצען וועלכע האבען צוויי אונגלייכע פּאר שטויב־ פעדעם].

die *n. and v.* (דאי) שטארבען; פער־ דארען; פערוועלקען; אומקומען; אויס־ געהן; א ווערפעל [צום שפּיעלען]; דאס גליק, דער מזל; א מינץ־שטעמפּעל; א שטעמפּעל צום אויסדריקען געגענשטענדע, מאשינען־טיילען, געצייג א. ד. ג. פון מע־ טאל; א געצייג צום שניידען גווינטען פאר א שרויב; שטעמפּלען, אויסדריקען מיט א שטעמפּעל.

die away' (דאי ע-הוויי') אבשטארבען; אויסגעהן; זיך שמעלצען פון נחת.

die'-away' *a.* (דאי'-ע-הוויי') אויסגע־ הענדיג; זיך שמעלצענדיג [פאר נחת].

dieb *n.* (דיעב) [נע־ אזא ווילדער הונד פינט זיך אין נארד אפריקא].

die'-back *n.* (דאי'-בעק) אזא קראנק־ הייט פון בוימער, פון וועלכער זייערע שפּי־ צען דארען אב.

die by the sword (דאי באי טהי סאורד) פאלען אין מלחמה.

die'dral *a.* (דאי'-אי-דרעל) ז. *dihedral*

die game (דאי גיים) שטארבען ווי א העלד; זיך ניט אונטערגעבען ביז צו לעצט.

diege'sis *n.* (דאי-אי-דזשיע'-סיס) דער טייל פון א רעדע, וואו עס ווערען איבער־ געגעבען די פאקטען.

die hard (דאי הארד) שטארבען ווי א העלד; זיך ניט אונטערגעבען ביז צו לעצט; זיך לאנג מאטערען מיט'ן טויט, האבען א לאנגע גסיסה, האבען א שווערען טויט.

die in har'ness (דאי אין האר'-נעס) פאלען אין די האלאבלעס [שטארבען ביי דער ארבייט].

die in one's shoes (דאי אין הוואנז שוהז) שטארבען אויף דער תליה.

die in the last ditch (דאי אין טהי לעסט דיטש) קעמפּפען ביז צום לעצטען אטהעם־צוג.

die is cast (דאי איז קעסט) דער גורל איז געווארפען, דער שיקזאל איז בעשלא־ סען.

dielec'tric *n. and a.* (דאי-אי-לעק'- טריק) דיעלעקטריש, וואס לאזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט [ווענען שטאפען וואס לאזען ניט דורך קיין עלעקטריציטעט אוי־ סער דורך אינדוקציאן]; א שטאף וואס לאזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט אוי־ סער דורך אינדוקציאן [ווי גלאז, טרוקענע ריינע לופט א. ד. ג.].

Di'el's but'ter pear (דאי'-עלז באט'- ער פעהר) אזא מין ווייכע בארנע וועלכע ווערט קולטיווירט אין אמעריקא. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

Dieme'nia *n.* (די-מי'-ני-א) א מין גיפ־ טיגע שלאנגען.

die off (דאי אף) גיך אויסשטארבען.

die out (דאי אוט) [פון די אויסגעהן כוחות]; אבשטארבען.

di'er *n.* (דאי'-ער) איינער וואס האלט ביים שטארבען.

dier'esis *n.* (דאי-ער'-ע-סיס) ז. *diæresis*

die'-sink'er *n.* (דאי'-סינק'-ער) איינער וואס גראווירט מעטאלענע שטעמפּלען.

di'esis *n.* (דאי'-ע-סיס) א צייכען אין מוזיק, וואס ווייזט, אז א טאן דארף גע־ העכערט ווערען אויף א דריטעל אדער א פיערטעל טאן; אין דרוקעריי דער צייכען ‡.

die'-stock *n.* (דאי'-סטאק) א גווינט־

שניידער, א שניידעזן [א אינסטרומענט צו מאכען שרויבען (גווינטען)].



Die-stock

di'et *n. and v.* (דאי'-עט) נאהרונג; קעסט; דיעטע [בעשטימטע נאהרונג, א בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט; בעשטימען א נאהרונגס־סיסטעם; זיך שפייזען לויט א בעשטימטער דיעטע; עסען; זיך שפייזען.

dieta'rian *n. and a.* (דאי-אי-טעי'-רי-ען) איינער וואס האלט זיך אן א געוויסער דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; דער דיעטעטיקער [איינער וואס דענקט, אז דאס רעגולירען פון דער נאהרונג איז זעהר וויכטיג פאר'ן געזונד]; וואס איז שייך צו א דיעטע; וואס איז שייך צו א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

di'etaries *n.* (דאי'-ע-טע-ריז) כללים פון א דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; א נאהרונגס־סיסטעם.

di'etary *a.* (דאי'-ע-טע-רי) 1. וואס איז שייך צו א דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; 2. וואס איז שייך צו א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

1. The doctor gave detailed **dietary** directions for the patients.

Di'etary Laws (דאי'-ע-טע-רי לאָהז) דינים וועגען כשרות.

In our house the **Dietary Laws** are observed strictly.

di'et-bread *n.* (דאי'-עט-ברעד) פיין ברויט וואס מען געברויכט געוועהנליך פאר קראנקע.

di'et-drink *n.* (דאי'-עט-דרינק) געטרענקע, וועלכע ענטהאלטען מעדיצינען.

di'eter *n.* (דאי'-ע-טער) איינער, וואס שפייזט זיך נאך א בעשטימטער דיעטע [נאהרונגס־סיסטעם]; איינער, וואס בעשטימט א דיעטע אדער גרייט צו שפייז לויט א בעשטימטער דיעטע.

dietet'ic *a.* (דאי-אי-טעט'-איק) וואס איז שייך צו א דיעטע [נאהרונגס־סיסטעם], הויפטזעכליך צו א דיעטע בעשטימט פון א דאקטאר.

dietet'ical *a.* (דאי-אי-טעט'-אי-קעל) ז. *dietetic*.

dietet'ically *adv.* (דאי-אי-טעט'-אי-קעל-אי) דורך א דיעטע [א בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם].

dietet'ics *n.* (דאי-אי-טעט'-איקס) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט, וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעגולירונג פון נאהרונג.

dietet'ist *n.* (דאי-אי-טעט'-איסט) איינער וואס לעגט פיעל געוויכט אויף דער נאהרונגס־סיסטעם [הויפטזעכליך וועגען א מעדיצינער].

die the death (דאי טהי דעטה) שטארבען אויף זיכער.

diet'ic *a.* (דאי-עט'-איק) וואס האט א שייכות מיט דער נאהרונגס־סיסטעם [וועגען קראנקהייטען].

diet'ical *a.* (דאי-עט'-אי-קעל) ז. *dietic*

di'etine *n.* (דאי'-ע-טין) א ראיאן־צוזאמענפאהר. ז. *diet*

di'eting *n.* (דאי'-ע-טינג) דאס שפייזען, דאס נאהרען זיך; דאס שפייזען אדער נאהרען לויט א בעשטימטער דיעטע [נאהרונגס־סיסטעם].

di'etist *n.* (דאי'-ע-טיסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט'ן שטודיום וועגען דער ווירקונג פון נאהרונג.

di'et-kitch'en *n.* (דאי'-עט-קיטש'-ען) אן אנשטאלט [געוועהנליך אונטער דער אויפזיכט פון א האספיטאל] פאר צוגרייטען און פאנאנדערטיילען פאסינגע שפייזען פאר ארימע קראנקע.

die with shame (דאי וויטה שיים) אויסגעהן פון בושה, שטארבען פאר שאנדע.

dif'fer *v.* (דיפ'-ער) זיך אונטערשיידען; זיין פערשיעדען; ניט איבעראיינשטימען; בעשטרייטען, קומען אין צוזאמענשטויס.

dif'ference *n. and v.* (דיפ'-ע-רענס) פערשיעדענהייט; אונטערשיעד; דאס זיין ניט איבעראיינשטימיג; שטרייט, שטרייטיגקייט, מחלוקה; דער שטרייט־פונקט; די שטרייט־אורזאכע; די צאהל, וואס מען קריעגט, ווען מען נעהמט אראב איין צאהל פון א צווייטער [ביי חסור]; דיפערענץ [אין דיפערענציאל־רעכנונג — דער צואוואוקס פון א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער, פערענדערליכער גרעסע, ווען דיעזע צווייטע ווערט פערגרעסערט מיט אן איינהייט. ז. *differential*]; אין לאגיק — דאס כאראקטעריסטישע, דאס אייגענטימליכע, וואס אונטערשיידעט די גאטונג פון דעם מין [ז. *differentia*]; אויף דער בערזע — דער אונטערשיעד צווישען דעם פרייז פון ווערטה־פאפיערען, ווען זיי ווערען פערקויפט, און זייער פרייז, ווען זיי ווערען אבגעליפערט; מאכען פערשיעדען; אונטערשיידען.

dif'ferent *a.* (דיפ'-ע-רענט) פערשיעדען, בעזונדער, אנדערש; איינציג, פיעלע.

differen'tia *n.* (דיפ-ע-רענ'-שי-א) אין לאגיק — דאס כאראקטעריסטישע אדער דאס אייגענטימליכע וואס אונטערשיידעט די גאטונג פון דעם מין [ווי למשל, די שווארצע הויט וואס אונטערשיידעט די גאטונג "נעגערס" פון דעם מין "מענשען"].

differen'tiable *a.* (דיפ-ע-רענ'-שי-עבל) וואס קען אונטערשיידעט ווערען.

differen'tial *n. and a.* (דיפ-ע-רענ'-שעל) וואס ציינט אדער מאכט אן אונטערשיעד; וואס צייכענט אויס; בעזונדער, ספעציעל; וואס איז שייך צו דעם אונטערשיעד פון צוויי צאהלען, ווען איינע ווערט ארונטערגענומען פון דער צווייטער [אין חסור]; אין דיפערענציאל־רעכנונג — וואס איז שייך צו א דיפערענציאל; א דיפערענציאל, אן אונענדליך קליינער אונטערשיעד צווישען צוויי ווערטהען פון א פערענדערליכער [וואריאבלער] גרעסע אדער קוואנטיטעט [ווען צוויי אדער מעהרערע קוואנטיטעטען אדער גרעסען זיינען אבהענגיג איינע פון דער אנדערער און שטעהען אין אזא שייכות, אז ווען עס ענדערט זיך דער ווערטה פון איינער, ענדערט זיך אין א געוויסער פראפארציע אויך דער ווערטה פון דער צווייטער אויף אזא אופן, אז דער אונטערשיעד צווישען זיי ווערט אלץ קלענער און קלענער און דערנעהנטערט זיך צו נול — דאן איז דיעזער אונענדליך קליינער אונטערשיעד, וואס איז נאהנט צו נול אבער דאך ניט גלייך נול, א דיפערענציאל].

differen'tial cal'culus (דיפ-ע-רענ'-שעל קעל'-קיו-לאס) דיפערענציאל־רעכנונג [דער טייל אין מאטעמאטיק, וואס פערנעהמט זיך מיט דיפערענציאל־פונקציעס, ד. ה. מיט די בעציהונגען פון פערענדערליכע גרעסען אדער קוואנטיטעטען איינע צו דער אנדערער און זייער אבהענגיגקייט איינע פון דער אנדערער].

differen'tial coeffi'cient (דיפ-ע-רענ'-שעל קאו-ע-פיש'-ענט) דער דיפערענציאל קאעפיציענט [אין דיפערענציאל־רעכנונג — דאס פערהעלטניס פון דעם צואוואוקס פון א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער פערענדערליכער גרעסע, ווען דיעזע צווייטע ענדערט זיך אום עפעס].

differen'tial du'ty (דיפ-ע-רענ'-שעל דיו'-טי) ז. *discriminating duty*

differen'tial equa'tion (דיפ-ע-רענ'-שעל אי-קוויי'-שאן) א דיפערענציאל־גלייכונג [א מאטעמאטישע גלייכונג, וועלכע דריקט אויס א בעציהונג צווישען די אונענדליך קליינע דיפערענצען פון פערענדערליכע גרעסען אדער קוואנטיטעטען, וועלכע זיינען אבהענגיג איינע פון דער אנדערער].

differen'tial gear (דיפ-ע-רענ'-שעל גיער) א קאמבינאציאן פון צאהן־רעדער פון פערשיעדענער גרויס אדער פון פערשיעדענע צאהל צייהנער, דורך וועלכע עס ווערען ערהאלטען בעוועגונגען פון פערשיעדענע געשווינדיגקייטען.

differen'tially *adv.* (דיפ-ע-רענ'-שעל-אי) דורך אונטערשיידונגען; אבטיילענדיג בעזונדער; דורך דיפערענציאציע, דורך דיפערענציאל־רעכנונג. ז. *differentiation*

differen'tial mo'tion (דיפ-ע-רענ'-שעל מאו'-שאן) דיפערענציאלע בעוועגונג [א בעוועגונג, וואו איין טייל פון א מעכאניזם לויפט מיט א געשווינדיגקייט, וואס איז גלייך צו דער דיפערענץ צווישען די געשווינדיגקייטען פון אנדערע צוויי בעוועגליכע טיילען פון'ם מעכאניזם, מיט וועלכע ער (דער טייל) איז פערבונדען].

differen'tial pump (דיפ-ע-רענ'-שעל פאמפ) א דיפערענציאל פומפע [אזא דאמפף־פומפע וואס דער פערברויך פון דאמפף ווערט פון זיך קאנטראלירט לויט דער שווערקייט פון דער ארבייט וואס די פומפע דארף טהאן].

differen'tial quo'tient (דיפ-ע-רענ'-שעל קוואו'-שענט) ז. *differential coefficient*

differen'tial scale (דיפ-ע-רענ'-שעל סקייל) א דיפערענציאל וואג [אזא פינקטליכע וואג].

differen'tial thermom'eter (דיפ-ע-רענ'-שעל טהער-מאמ'-ע-טער) א דיפערענציאל טערמאמעטער [א זעהר פינקטליכער טערמאמעטער].



Differential thermometer

differen'tiate *n. and v.* (דיפ-ע-רענ'-שי-אייט) מאכען פערשיעדען; מאכען אן אונטערשיעד; ווערען פערשיעדען; געפינען דעם אונטערשיעד; אין ביאלאגיע — ענטוויקלען פערשיעדענהייטען אין געבוי פון קערפער; מאכען פערשיעדען דורך ענדערונגען; אין מאטהעמאטיק — געפינען דעם דיפערענציאל אדער דעם דיפערענציאל קאעפיציענט; א דיפערענציאל קאעפיציענט. ז. *differential coefficient*

differentia'tion *n.* (דיפ-ע-רענ-שי-איי'-שאן) דאס בילדען זיך פון אונטערשיידע אדער די אונטערשיידע גופא, וואס דיענען אלס גרונד פאר דער צוטיילונג אין גאטונגען; די איינטיילונג אין גאטונגען; אין ביאלאגיע — א שטופענווייזע ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפער; אין לאגיק — דאס אונטערשיידען, דאס אבטיילען לויט כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען; אין דיפערענציאל-רעכנונג — דאס אויסגעפינען דאס פערהעלטניס, לויט וועלכען עס ענדערט זיך א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער פערענדערליכער גרעסע, ווען דיעזע צווייטע ענדערט זיך אום עפעס.

dif'ferently *adv.* (דיפ'-ע-רענט-לי) פערשיעדענארטיג; אויף א פערשיעדענעם אופן.

dif'ferentness *n.* (דיפ'-ע-רענט-נעס) דאס זיין פערשיעדען.

dif'fering *a.* (דיפ'-ע-רינג) ניט עהנליך, אנדערש, פערשיעדען; ניט איבעראיינשטימענד, שטרייטענד.

dif'feringly *adv.* (דיפ'-ע-רינג-לי) אויף א פערשיעדענעם אופן.

dif'ficult *a. and v.* (דיפ'-אי-קאלט) שווער [צו פערשטעהן, צו ערקלערען, צו טהאן, צו בעפרידיגען, צו איבערצייגען, איבערצורעדען א. ד. ג.]; פול מיט שוועריגקייטען; ברייננען אין פערלעגענהייט; מאכען שוועריגקייטען.

dif'ficultly *adv.* (דיפ'-אי-קאלט-לי) מיט שוועריגקייטען; שווערליך.

dif'ficulty *n.* (דיפ'-אי-קאל-טי) שוועריגקייט; פערלעגענהייט; שטערונג; ווידערשטאנד, צוזאמענשטויס.

dif'fidence *n.* (דיפ'-אי-דענס) דאס אונצוטרויען צו זיך, דאס ניט גלויבען אין זיך, די ניט זיכערהייט אין זיך; בעשיידענהייט, שעמעוודינקייט, צושראקענקייט, פערלארענקייט; דאס מיסטרויען.

dif'fident *a.* (דיפ'-אי-דענט) אונצוטרויליך צו זיך זעלבסט; ניט זיכער אין זיך; בעשיידען, שעמעוודיג, צושראקען, פערלארען [אין האלטונג]; מיסטרויאיש.

dif'fidently *adv.* (דיפ'-אי-דענט-לי) אויף א בעשיידענעם אדער צושראקענעם אופן; מיט ניט זיכערהייט אין זיך.

dif'fidentness *n.* (דיפ'-אי-דענט-נעס) אונצוטרויליכקייט; דאס פערהאלטען זיך מיט פערדאכט.

dif'fluence *n.* (דיפ'-לוה-ענס) פאנאנדערגיסונג [ווי פון א פליסיגקייט].

dif'fluent *a.* (דיפ'-לוה-ענט) וואס גיסט זיך פאנאנדער [ווי א פליסיגקייט].

dif'form *a.* (דיפ'-ארם) אונרעגעלמעסיג, ניט איינהייטליך; אויסערארדענטליך, פערקריפעלט; ניט גלייך, ניט עהנליך, פערשיעדען.

difformed' *a.* (די-פארמד') ז. ***difform***.

diffor'mity *n.* (די-פאר'-מי-טי) פערשיעדענהייט אין פארם; דאס זיין ניט איינהייטליך.

diffract' *v.* (די-פרעקט') אבזונדערען אין טיילען; זיך ברעכען, זיך בויגען [ווי שטראהלען].

diffrac'ted *a.* (די-פרעק'-טעד) געבויגען אין ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען.

diffrac'tion *n.* (די-פרעק'-שאן) די אבלענקונג, די ברעכונג פון ליכט-שטראהלען אדער פון קלאנגען.

diffrac'tive *a.* (די-פרעק'-טיוו) וואס איז שייך צו דער אבלענקונג אדער צו דער ברעכונג פון ליכט-שטראהלען אדער קלאנגען; וואס פעראורזאכט די אבלענקונג אדער די ברעכונג פון ליכט-שטראהלען אדער קלאנגען.

diffrac'tively *adv.* (די-פרעק'-טיוו-לי) דורך ברעכונג [ווענען ליכט-שטראהלען אדער קלאנגען].

diffrangibil'ity *n.* (די-פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) דאס ברעכען זיך אדער דאס אבלענקען זיך פון שטראהלען אדער קלאנגען.

diffran'gible *a.* (די-פרענ'-דזשיבל) וואס קען זיך ברעכען אדער אבגעלענקט ווערען [ווי שטראהלען].

diffuse' *v.* (די-פיוז') פאנאדערגיסען, פאנאנדערשפרייטען, פערברייטען, פאנאנדערווארפען; זיך פאנאנדערגיסען, זיך פאנאנדערשפרייטען, זיך פערברייטען.

diffuse' *a.* (די-פיוס') זיך אויסברייטענד; פאנאנדערגעשפרייט; פאנאנדערגעווארפען; צערשטרייט; ווייטלויפיג.

diffused' *a.* (די-פיוזד') פאנאנדערגעשפרייט, פאנאנדערגעווארפען; פאנאנדערגעגאסען; ניט קלאר בעשטימט, אהן קלארע, בעשטימטע ברעגעס [ווענען פארבען-צייכענס ביי חיות, פויגעל און אינזעקטען].

diffu'sedly *adv.* (די-פיו'-זעד-לי) אויף א צושפרייטען שטייגער; ברייט פאנאנדערגעשפרייט; ווייט פערברייטעט; פאנאנדערגעגאסען; אויף א ניט קלארען שטייגער, מיט ניט קלאר בעשטימטע ברעגעס [ווענען פארבען-צייכענס ביי חיות, פויגעל און אינזעקטען].

diffu'sedness *n.* (די-פיו'-זעד-נעס) דאס זיין ווייט פאנאנדערגעשפרייט.

diffuse'ly *adv.* (די-פיוס'-לי) ווייטלויפיג, ברייט פאנאנדערגעשפרייט; אין פולען, גענוי, מיט איינצעלהייטען; אונרעגעלמעסיג און שיטער [ווענען פלעקען ביי אינזעקטען].

diffuse'ness *n.* (די-פיוס'-נעס) דאס זיין פאנאנדערגעשפרייט; דאס זיין פיעל אדער ווייטלויפיג; דאס אויסברייטען זיך אין רעדען אדער שרייבען.

diffu'ser *n.* (די-פיו'-זער) איינער אדער עטוואס וואס פערברייטעט אדער שפרייט פאנאנדער; אין פיזיק — אן אפאראט, וועלכער בעשטעהט פון א רייה דינע מעטאל-פלאטען אבצוציהען די היץ פון א טערמא-עלעקטרישער באטאריי.

diffusibil'ity *n.* (די-פיו-זי-ביל'-אי-טי) די נייגונג פון א גאז אדער פליסיגקייט אריינצודרינגען אין אן אנדער גאז אדער פליסיגקייט, די נייגונג זיך אויסצומישען.

diffu'sible *a.* (די-פיו'-זיבל) וואס קען זיך פאנאנדערשפרייטען אדער אויסברייטען; ווענען פליסיגקייטען און גאזען — וואס קען אריינדרינגען אין אנדערע גאזען אדער פליסיגקייטען, אדער זיך אויסמישען.

diffu'sibleness *n.* (די-פיו'-זיבל-נעס) ז. ***diffusibility***.

diffusim'eter *n.* (דיפ-יו-סימ'-ע-טער) ז. ***diffusiometer***.

diffusiom'eter *n.* (די-פיו-סי-אמ'-ע-טער) אן אפאראט צו בעשטימען די פעהיגקייט פון פערשיעדענע גאזען אריינצודרינגען איינער אין דעם אנדערען אדער זיך צונויפצומישען.

diffu'sion *n.* (די-פיו'-זשאן) דאס פאנאנדערשפרייטען; דאס פאנאנדערשפרייטען זיך; דאס אויסברייטען; דאס אויסברייטען זיך; פערשפרייטונג; דאס אריינדרינגען פון איין פליסיגקייט אין דער צווייטער אדער פון איין גאז אין צווייטען, דאס אויסמישען זיך פון גאזען אדער פליסיגקייטען.

diffu'sion of gas'es (די-פיו'-זשאן אוו געס'-עז) דאס אריינדרינגען פון איין גאז אין צווייטען, ווען צוויי גאזען קומען אין בעריהרונג, דאס אויסמישען זיך פון גאזען.

diffu'sion of heat (די-פיו'-זשאן אוו היעט) די אויסשפרייטונג אדער די אויסשטרעמונג פון היץ.

diffu'sion of liq'uids (די-פיו'-זשאן אוו ליק'-הווידז) דאס אריינדרינגען פון איין פליסיגקייט אין דער צווייטער, ווען זיי קומען אין בעריהרונג, דאס אויסמישען זיך פון פליסיגקייטען.

diffu'sion of tax'es (די-פיו'-זשאן אוו טעקס'-עז) די טעאריע, אז די לאסט פון שטייערען זאל פאלען אויף דער גאנצער געזעלשאפט, ווי און אויף וואס די שטייערען זאלען ניט ארויפגעלעגט ווערען.

diffu'sive *a.* (די-פיו'-סיוו) זיך צוגיסענדיג, זיך צושפרייטענדיג; זיך פערברייטענדיג; ווייטלויפיג, פערברייטעט.

diffu'sively *adv.* (די-פיו'-סיוו-לי) אויף א ווייטלויפיגען שטייגער; דורך פערשפרייטען זיך; אין אלע ריכטונגען.

diffu'siveness *n.* (די-פיו'-סיוו-נעס) ז. ***diffuseness***.

diffu'sor *n.* (די-פיו'-זאר) ז. ***diffuser***.

dig *n. and v.* (דיג) גראבען, איינגראבען, אויסגראבען, דורכגראבען; פיעל לערנען; א שטויס טהאן אין די ריפען; א שטויס, א קלאפ, א שטורך; איינער וואס לערענט פיעל.

dig a badg'er (דיג ע בעדזש'-ער) ברייננען אויף זיך אליין צרות.

dig'amist *n.* (דיג'-ע-מיסט) אן אלמן אדער אלמנה וואס האט חתונה צום צווייטען מאל.

dig'amous *a.* (דיג'-ע-מאס) וואס איז שייך צו א צווייטער הייראט [פון אן אלמן אדער אלמנה].

dig'amy *n.* (דיג'-ע-מי) די צווייטע הייראט [פון אן אלמן אדער אלמנה].

digas'tric *n. and a.* (דאי-געס'-טריק) צוויי-בייכיג, וואס בעשטעהט פון צוויי פליישיגע טיילען מיט א דינעם, הארטען, עלאסטישען שטאף צווישען זיי [ווענען מוסקעלען]; דער מוסקעל פון דעם אונטערשטען קיהנביין.

digas'tricus *a.* (דאי-געס'-טרי-קאס) דער צוויי-בייכיגער מוסקעל. ז. ***digastric***.

dig down (דיג דאון) אונטערגראבען, שטירצען.

dig'enous *a.* (דידזש'-ע-נאס) וואס איז שייך צו צווייערליי געשלעכטער; וואס שטאמט פון צוויי געשלעכטער [אין געגענזאץ צו בעשעפענישען וואס פערשפרייטען זיך דורך אבשפאלטונג].

Di'gest *n.* (דאי'-דזשעסט) דער אלט-רוימישער געזעץ-קאדעקס, איינגעארדענט פון דעם אימפעראטאר יוסטיניאן [אין 6טען יאהרהונדערט].

di'gest *n.* (דאי'-דזשעסט) א זאמלונג, א קאמפילאציע, א בעשרייבונג, א קצור אדער אן איינארדנונג פון ליטערארישע, וויסענשאפטליכע אדער יורידישע מאטעריאלען.

digest' *v.* (די-דזשעסט') פערדייען;

פערדייט ווערען [וועגען שפייזען]; איינ־טיילען אין אבטיילונגען אדער קלאסען; איינארדנען; איבערלעגען, נאכדענקען, דורכדענקען; געדולדיג איבערטראגען [בע־ליידיגונגען, צרות, ליידען א. ד. ג.]; אין כעמיע — דורכקאכען.

diges'tedly *adv.* (די־דזשעס'־טעד־לי) אויף א גוט־איינגעארדענטען שטייגער.

diges'ter *n.* (די־דזשעס'־טער) איינער וואס פערדייט [שפייז]; עטוואס וואס העלפט צו פערדייען; איינער וואס אנא־ליזירט אדער ברייננט אין ארדנונג [לי־טעראַרישע, וויסענשאפטליכע און יורי־דישע מאטעריאלען]; א כעמישער אפא־ראט צום קאכען.

digestibil'ity *n.* (די־דזשעס־טי־ביל'־אי־טי) פערדייליכקייט, דאס זיין פער־דייליך.

diges'tible *a.* (די־דזשעס'־טיבל) פער־דייליך, וואס קען פערדייט ווערען.

diges'tibleness *n.* (די־דזשעס'־טיבל־נעס) ז. ***digestibility***.

diges'tion *n.* (די־דזשעס'־טשאן) די פערדייאונג; די איינארדנונג; אין כע־מיע — דאס דורכקאכען.

diges'tive *a. and n.* (די־דזשעס'־טיוו) וואס איז שייך צו פערדייאונג; וואס איז שייך צום כעמישען פראצעס פון איבערקא־כען זאכען; וואס העלפט פערדייען; וואס איז שייך צום אנאליזירען אדער איינ־ארדנען [ליטעראַרישע, וויסענשאפטליכע אדער יורידישע מאטעריאלען]; א מעדי־צינישער מיטעל וואס העלפט דער פער־דייאונג.

diges'tively *adv.* (די־דזשעס'־טיוו־לי) דורך פערדייאונג.

diges'tor *n.* (די־דזשעס'־טאר) ז. ***digester***.

dig'gable *a.* (דיג'־עבל) וואס קען גע־גראבען ווערען.

Dig'ger *n.* (דיג'־ער) איינער פון די איינ־דיאנער אין קאליפארניא, נעוואדא און אין די ארומיגע געגענדען אין די פער־איינינטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס שפייזען זיך מעהרסטענטיילס מיט פלאנ־צען־ווארצלען.

dig'ger *n.* (דיג'־ער) איינער אדער עט־וואס וואס גראבט; א גראב־געצייג.

dig'gers *n.* (דיג'־ערז) גרעבער־אינזעק־טען. ז. ***digger-wasp***.

dig'ger-wasp *n.* (דיג'־ער־וואספ) די גרעבער־וועספע [אן אינזעקט, וועלכער לעגט זיינע אייעלעך אין גריבלעך אין דער ערד און בעזארגט יעדעס גריבעלע מיט טויטע אינזעקטען אלס נאהרונג פאר דער לאַרווא [ווערימעל] וואס דארף ארויסקומען פון די אייעלעך.

Digger-wasp

dig'ging *n.* (דיג'־איננ) דאס גראבען.

dig'ging-machine' *n.* (דיג'־איננ־מע־שין') א גראב־מאשין.

dig'gings *n.* (דיג'־איננז) א מינען־גע־גענד; א געגענד, א פלאץ.

dight *v.* (דאיט) צורעכט מאכען, פאר־טיג מאכען, צוגרייטען, אבריכטען, בע־ציערען; ריין מאכען, גלאט מאכען.

dight'ly *adv.* (דאיט'־לי) שעהן, פרעכ־טיג.

dig in (דיג אין) איינגראבען, בעדעקען, איינהילען; זיך פערטיעפען, זיך אריינ־טהאן.

dig'it *n.* (דידזש'־איט) א פינגער, די ברייט פון א פינגער; די פינגער־מאס [א לענגען־מאס פון 0.78 אדער אונגע־פעהר ¾ צאָל]; די אסטראנאמישע צאל [א צוועלפטעל פון דעם דיאמעטער פון דער זון אדער פון דער לבנה]; איינער פון די ערשטע 9 צאהלען [פון 1 ביז 9 איינשליסליך]; א ציפער.

dig'ital *n. and a.* (דידזש'־אי־טעל) וואס איז שייך צו א פינגער אדער א פינ־גער־מאס, וואס איז שייך צו אן אסטרא־נאמישער צאל אדער צו די ערשטע 9 צאהלען [ז. ***digit***]; א פינגער; א קלא־וויש [פון א פיאנא אדער ענליכען שפיעל־אינסטרומענט]; דער לעצטער גליעד ביי די גליעדער־שפינען [ווי ביי סקארפיאנען].

Digita'lis *n.* (דידזש־אי־טיי'־ליס) דער פינגערהוט [א מין פלאנצע, ביי וועל־כע די בליטהען בילדען זיך ווי א פינגער־הוט ארום דעם שטענגעל. איינינע מינים ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Digitalis

dig'itate *a.* (דידזש'־אי־טייט) וואס זיינען פינגעראַרטיג אדער וואס זעהען אויס ווי צושפרייטע פינגער [וועגען בלעטער, ווארצלען און קערפער־טיילען ביי חיות].

dig'itated *a.* (דידזש'־אי־טיי־טעד) ז. ***digitate***.

dig'itately *adv.* (דידזש'־אי־טייט־לי) פינגערפערמיג אדער אין דער פארם פון צושפרייטע פינגער [וועגען בלעטער, ווארצלען און קערפער־טיילען ביי חיות].

digita'tion *n.* (דידזש־אי־טיי'־שאן) די צוטיילונג אין פינגערפערמיגע טיילען; דאס אננעהמען א פינגעראַרטיגע פארם אדער די פארם פון צושפרייטע פינגער.

dig'itiform *a.* (דידזש'־אי־טי־פארם) פינגערפערמיג, ווי צושפרייטע פינגער.

Digitig'rada *n.* (דידזש־אי־טיג'־רע־דא) טהיערע, וועלכע געהען אויף די פינ־גער, ניט אויף דער גאנצער פוס־זויל [פאדעשווע].

dig'itigrade *a.* (דידזש'־אי־טי־גרייד) וואס געהט אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס־זויל אדער פוס־פאדעשווע [וועגען חיות].

dig'itigradism *n.* (דידזש'־אי־טי־גריי־דיזם) דאס געהן אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס־זויל [וועגען חיות].

digito'rium *n.* (דידזש־אי־טאו'־רי־אם) א קליינער אינסטרומענט אין דער פארם פון א פיאנא, אויף וועלכען מען פראקטיצירט כדי צו ענטוויקלען די פינ־גער פאר פיאנא־שפיעלען.

di'glot *a.* (דאי'־גלאט) געברויכענדיג צוויי שפראכען; שרייבענדיג אדער רע־דענדיג אין צוויי שפראכען; געשריבען אין צוויי שפראכען [וועגען א בוך, וואו דער טעקסט און די איבערזעצונג געפינען זיך צוזאמען].

di'glott *a.* (דאי'־גלאט) ז. ***diglot***.

diglot'tic *a.* (דאי־גלאט'־איק) ז. ***diglot***.

di'glyph *n.* (דאי'־גליף) א צוויי־שליץ [אין ארכיטעקטור — א בעציערונג, וואס בעשטעהט פון א דאפעלטען איינשניט].

dig'nified *a.* (דיג'־ני־פאיד) געעהרט, ערהויבען, פערנעהמענדיג א הויכען אמט, ערעל, ערהאבען, ערנסט, ווירדיג, ארויס־רופענדיג אכטונג, עהרענפעסט, פערנעהם.

dig'nified cler'gy (דיג'־ני־פאיד קלויר'־דזשי) די העכערע גייסטליכע.

dig'nifiedly *adv.* (דיג'־ני־פאיד־לי) אויף א ווירדיגען, פערנעהמען אדער עה־רענפעסטען שטייגער.

dig'nify *v.* (דיג'־ני־פאי) עהרען, מא־כען פערנעהם, בעעהרען, פערערלען, בע־שיינען, בעציערען.

dig'nitary *n.* (דיג'־ני־טע־רי) איינער וואס האלט א הויכען אמט.

dig'nity *n.* (דיג'־ני־טי) א הויכער אמט, אן עהרען־שטעלע, א הויכער טיטול אדער ראנג; וויכטיגקייט, ווירדע; ערהאבענ־הייט, ערהאבענע, ווירדיגע, פערנעהמע אדער שטייפע האלטונג; דאס רעכט אויף אן עהרען־טיטול; איינער וואס האלט א הויכען אמט; אן עהרע, אן ערהויבונג אין אמט אדער ראנג.

dig'onous *a.* (דיג'־א־נאס) צוויי־ווינ־קעלדיג [וועגען פלאנצען].

dig out (דיג אוט) אויסגראבען, ארויס־בעקומען מיט צרות.

dig o'ver (דיג או'־ווער) איבערגראבען, דורכגראבען, אונטערזוכען, זוכען.

di'gram *n.* (דאי'־גרעם) ז. ***digraph***.

di'graph *n. and a.* (דאי'־גרעף) צוויי בוכשטאבען וואס בעצייכענען מיט זיך איין קלאנג [ווי די בוכשטאבען ***ea*** אין ***head*** אדער די בוכשטאבען "יע" אין "ליעבע"]; וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון אזעלכע צוויי בוכשטאבען.

digraph'ic *a.* (דאי־גרעפ'־איק) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון צוויי בוכשטאבען, וואס בעצייכענען איין קלאנג. ז. ***digraph***.

digress' *v.* (די־גרעס') אבווייכען פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון דעם ריכטיגען פונקט; אראבגעהן פון דרך הישר; בעגעהן א פערברעכען.

digres'sion *n.* (די-גרעש'-אַן) אבווייכונג פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון ריכטיגען פונקט; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס בעגעהן א פערברעכען.

digres'sional *a.* (די-גרעש'-אַנ-על) וואס ווייכט אב פון דער בעשטימטער ריכטונג; וואס ווייכט אב פון דעם ריכטיגען פונקט.

digress'ive *a.* (די-גרעס'-איוו) אבווייכענדיג פון דער בעשטימטער ריכטונג; אבווייכענדיג פון דעם ריכטיגען פונקט.

digress'ively *adv.* (די-גרעס'-איוו-לי) דורך אבווייכען פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון דעם ריכטיגען פונקט.

dig up the hatch'et (דיג אפ טהי העטש'-עט) אויפגראבען אלטע פיינדשאפט; אנהויבען א מלחמה; ערקלערען קריעג [גענומען פון דעם אינדיאנער מנהג אויסצוגראבען דאס סימבאלישע העקעל, ווען מען פלעגט ערקלערען קריעג].

di'gyn *n.* (דאי'-דזשין) א פלאנצע מיט צוויי פעסטילען [שטענגעלעך אין דעם בלום-בעכערל].

digyn'ian *a.* (דאי-דזשינ'-אי-ען) וואס האט צוויי פעסטילען [ווענען פלאנצען]. ז. *digyn*.

dihe'dral *a.* (דאי-הי'-דרעל) אין מאטעמאטיק — וואס האט צוויי פלעכען וואס שניידען זיך איבער [ווי א קריסטאל].

dihe'dral an'gle (דאי-הי'-דרעל ענגל) דער פלעכען-ווינקעל, דער ווינקעל וואס בילדעט זיך פון צוויי פלעכען וואס שניידען זיך איבער.

dihe'dron *n.* (דאי-הי'-דראַן) אין מאטעמאטיק — א פיגור מיט צוויי פלעכען.

dike *n. and v.* (דאיק) א גראבען; א וואסער-וואנד; א גרעבליע, א דאמבע; א נידריגע שטיינערנע אדער ערדענע וואנד וואס צאמט ארום פעלדער; מאכען א דאמבע אדער א גרעבליע; ארומצאמען, אבהאלטען.

dike'-grave *n.* (דאיק'-גרייוו) אן אויפזעהער איבער די דאמבעס [הויפטזעכליך אין האלאנד].

di'ker *n.* (דאי'-קער) איינער וואס מאכט דאמבעס, גרעבליעס אדער אבצאמונגען.

dike'-reeve *n.* (דאיק'-ריעוו) ז. *dike-grave*.

dilac'erate *v.* (די-לעס'-ע-רייט) צורייסען.

dilacera'tion *n.* (די-לעס-ע-ריי'-שאַן) דאס צורייסען.

dilap'idate *v.* (די-לעפ'-אי-דייט) צושטערען; צושטערט ווערען; אויסברייינגען; פערשווענדען.

dilapida'tion *n.* (די-לעפ-אי-דיי'-שאַן) צושטערונג, פערניכטונג; פערשווענדונג; אויסברייינגערייי.

dilatabil'ity *n.* (דאי-ליי-טע-ביל'-אי-טי) אויסדעהנליכקייט, די איינענשאפט זיך אויסצובריייטען אדער זיך פאנאנדערצוציהען.

dila'table *a.* (דאי-ליי'-טעבל) וואס קען זיך אויסברייטען אדער פאנאנדערציהען [ווי גומילאסטיק].

dila'tableness *n.* (דאי-ליי'-טעבל-נעס) ז. *dilatability*.

dila'tancy *n.* (דאי-ליי'-טענ-סי) די איינענשאפט פון א מאסע קערנדלעך צו פערשפרייטען זיך אדער ווערען דיקער, ווען די פארם פון דער מאסע ענדערט זיך.

dila'tant *n. and a.* (דאי-ליי'-טענט) וואס קען ווערען ברייטער אדער דיקער [ווענען א געוויסער מאסע פון קערנדלעך]; וואס איז שייך צו אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; א זאך אדער געגענשטאנד וואס האט די איינענשאפט פון אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; אין כירורגיע — אן אינסטרומענט פאנאנדערצוציהען אדער מאכען ברייטער [ווי למשל, אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער דעם גארגעל א. ד. ג].

dilata'tion *n.* (דאי-ליי-טיי'-שאַן) דאס פאנאנדערציהען, דאס אויסברייטען; דאס זיין פאנאנדערגעצויגען אדער אויסגעדעהנט; א פאנאנדערגעצויגענע געשיכטע, דאס דערצעהלען א זאך מיט צופיעל פרטים; אן אוננארמאלע אויסברייטונג פון א גליעד פון קערפער [ווי דער גארגעל אדער א קישקע] צוליעב מעדיצינישע און כירורגישע צוועקען.

dil'atator *n.* (דיל'-ע-טיי-טאר) דער אדער דאס וואס שפרייט זיך פאנאנדער [ווי א מוסקעל]; אן אינסטרומענט פאנאנדערצושפרייטען א וואונד אדער אן עפנונג פון קערפער.

dilate' *v.* (דאי-לייט') אויסדעהנען, פאנאנדערציהען [ווי לופט ציהט פאנאנדער די לונגען אין אטהעמען]; זיך פאנאנדערשפרייטען; זיך פאנאנדערציהען; שיטען מיט צופיעל רייד, דערצעהלען א זאך מיט איבעריגע פרטים.

dila'ted *a.* (דאי-ליי'-טעד) פאנאנדערגעצויגען, אויסגעדעהנט, אויסגעברייטעט.

dila'tion *n.* (דאי-ליי'-שאַן) דאס פאנאנדערציהען, די אויסברייטונג.

dila'tive *a.* (דאי-ליי'-טיוו) וואס האט די נייגונג זיך פאנאנדערצוציהען; וואס ציהט פאנאנדער.

dila'tor *n.* (דאי-ליי'-טאר) ז. *dilatator*.

dil'atorily *adv.* (דיל'-איי-טא-רי-לי) אויף א לאנגזאמען שטייגער; דורך פערשפעטיגונג; דורך אבלעגען א זאך אויף שפעטער.

dil'atoriness *n.* (דיל'-איי-טא-רי-נעס) די געוואוהנהייט צו זיין לאנגזאם אדער אבצולעגען אויף שפעטער.

dil'atory *a.* (דיל'-איי-טא-רי) פערצעגערענד, אבלעגענד; לאנגזאם; פויל.

dil'do *n.* (דיל'-דאו) א מין הויכער קאקטוס [אזא פלאנצע וואס וואקסט אין הייסע ווייסטע געגענדען] אין יאמאיקא, וועלכען די אינדיאנער פלעגען געברויכען פאר פאקעלען.

dilem'ma *n.* (דאי-לעמ'-א) א דילעמא, א פערלעגענהייט, א צושטאנד וואס איז ניט אהין און ניט אהער; אין לאגיק — אן ארגומענט אדער בעווייז געגען עמעס, וועלכער בעשטעהט פון צוויי געגענזעצליכע בעהויפטונגען און ביידע בעהויפטונגען פיהרען צו איינעם און דעמזעלבען שלוס [ווי למשל: "מיש זיך ניט אין קהל'שע ענינים, ווייל — ווערסט דו טהאן רעכט, וועלען דיך מענשען פערשעלטען, און וועסט דו טהאן אונרעכט, וועט דיך גאט פערשעלטען"].

dilemmat'ic *a.* (דאי-לע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א דילעמא. ז. *dilemma*.

dilettan'te *n.* (דיל-ע-טענ'-טע) א דילעטאנט, א מענש וועלכער אינטערעסירט זיך מיט א געוויסען געגענשטאנד [ווי קונסט, ליטעראטור א. ד. ג.], אבער ער האט ניט קיין גענויע קענטשאפט פון דער זאך און איז בעקאנט מיט איהר נור אויבערפלעכליך.

dilettan'teism *n.* (דיל-ע-טענ'-טע-איזם) ז. *dilettantism*.

dilettan'tish *a.* (דיל-ע-טענ'-טיש) דילעטאנטיש. ז. *dilettantism*.

dilettan'tism *n.* (דיל-ע-טענ'-טיזם) דילעטאנטיזם, אן אויבערפלעכליכע בעקאנטשאפט מיט א געוויסען געגענשטאנד, ווי קונסט, ליטעראטור א. ד. ג.

dil'igence *n.* (דיל'-אי-דזשענס) פלייסיגקייט, אנשטרענגונג, התמדה; א דיליזשאנס, א קארעט צו פיהרען פאסאזשירען.

dil'igent *a.* (דיל'-אי-דזשענט) פלייסיג, מיט התמדה; מיט אנשטרענגונג. אויסצופיהרען עפעס.

The teacher praises the diligent work of the pupil.

dil'igently *adv.* (דיל'-אי-דזשענט-לי) מיט התמדה; מיט פלייסיגקייט; דורך אנשטרענגונג.

dil'igentness *n.* (דיל'-אי-דזשענט-נעס) ז. *diligence*.

dill *n. and v.* (דיל) קראפ [א גארטען-פלאנצע וואס וואקסט אין דער פארם פון א שירם, בליהט מיט געלבליכע בלימלעך, האט אן אנגענעהמען גערוך און ווערט געברויכט צו זייערען אונערקעס]; לאשטשען, גלעטען, איינשטילען, בערוהיגען.

dil'ly *n.* (דיל'-אי) א דיליזשאנס [אבקירצונג פון *diligence*].

dil'ly-dal'ly *v.* (דיל'-אי-דעל'-אי) ניט קומען צו קיין טאלק, פטר'ען צייט אומזיסט, בעשעפטיגען זיך מיט פוסטע זאכען.

dil'uent *n. and a.* (דיל'-יו-ענט) וואס פיהרט פאנאנדער [א פליסיגקייט], וואס מאכט שיטער אדער שוואך; דאס וואס מאכט שיטער אדער שוואך.

dilute' *v. and a.* (די-ליוט') מאכען שיטערער אדער שוואכער, פאנאנדערפיהרען [ווי מען פיהרט פאנאנדער ספּיריט אדער עסיג מיט וואסער]; אבשוואכען א פארב [זי מאכען טונקעלער]; ווערען שוואכער; זיין פאנאנדערגעפיהרט; שיטער, פאנאנדערגעפיהרט, אבגעשוואכט.

dilute'ness *n.* (די-ליוט'-נעס) שיטערקייט, שוואכקייט.

dilu'ter *n.* (די-ליו'-טער) דאס מיט וואס מען מאכט שיטער אדער מען שוואכט אב א געוויסע פליסיגקייט.

dilu'tion *n.* (די-ליו'-שאַן) דאס מאכען שיטער; דאס אבשוואכען עפעס.

dilu'tionist *n.* (די-ליו'-שאַנ-איסט) אין האמעאפאטיע — איינער וואס פאדערט, אז די רפואות, וואס דאקטוירים גיבען ארויס, זאלען זיין וואס שוואכער אדער שיטערער.

dilu'vial *a.* (די-ליו'-ווי-על) וואס איז שייך צו א מבול אדער צום מבול פון נח'ס צייטען; אין געאלאגיע — וואס איז שייך צום דילוּוויאום. ז. *diluvium*.

dilu'vialist *n.* (די-ליו'-ווי-על-איסט) איינער וואס ערקלערט די געאלאגישע ערשיינונגען דורך דעם מבול וואס איז געווען אין נח'ס צייטען.

dilu'vian *a.* (די-ליו'-ווי-ען) ז. *diluvial*.

dilu'vianism *n.* (די-ליו'-ווי-ענ-איזם) דילוּוויאניזם, די געאלאגישע טעאריע, וועלכע אנערקענט, אז אמאל איז געווען א גרויסער מבול, וואס האט פערטרונקען גרויסע טיילען פון דער ערד [ווי עס דערצעהלט זיך אין חומש].

dilu'vion *n.* (די-ליו'-ווי-אַן) ז. *diluvium*.

dilu'vium *n.* (די-ליו'-ווי-אם) א מבול; אין געאלאגיע — דילוּוויאום, די שיכטען פון דער ערד, וועלכע האבען זיך אבגעזעצט צום סוף פון דער אייז-פעריאדע און בעשטעהען פון ליים מיט שטיינער [וואלונען] און זאמד.

dim *a. and v.* (דים) טונקעל, פערפינסטערט, וואס זעהט זיך ניט גוט; וואס האט א שלעכטע ראיה; וואס מען קען ניט בענעהמען; וואס לאזט זיך ניט קלאר בעגרייפען; מאכען טונקעל, פערפינסטערען, [די ראיה, דאס אויג]; ווערען טונקעל, ניט לאזען זיך קלאר ארויסזעהן.

dim. אבקירצונג פון *diminuendo*

dime *n.* (דאים) א צעהנטעל פון א דאלאר; א זילבערנע מטבע פון 10 סענט [אין די פעראייניגטע שטאאטען].

dime nov'el (דאים נאוול) א ביליגער שונד ראמאן.

dimen'sion *n.* (די-מענ'-שאן) די מאס פון א זאך, וואס פערנעהמט א געוויסען ארט אין רוים [א ליניע האט איין מאס — אין דער לענג; א פלעכע האט צוויי מאסען — אין דער לענג און אין דער ברייט; א סאלידער קערפער האט דריי מאסען — אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך]; די אויסדעהנונג; די גרויס.

dimen'sional *a.* (די-מענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו די אויסדעהנונג אין רוים; וואס האט א בעשטימטע גרויס אדער מאס; וואס קען געמאסטען ווערען אין איינער אדער מעהר ריכטונגען.

dimensional'ity *n.* (די-מענ-שאנ-על'-אי-טי) די צאהל פון מאסען, מיט וועלכע א זאך קען געמאסטען ווערען [ווי: א ליניע האט איין מאס, א פלעכע — צוויי מאסען, א סאלידער קערפער — דריי מאסען].

dimen'sionless *a.* (די-מענ'-שאנ-לעס) וואס האט ניט קיין שום מאס, ניט ממשות'דיג.

dim'erous *a.* (דימ'-ע-ראס) וואס בעשטעהט פון צוויי טיילען; וואס איז איינגעטיילט פארווייז.

dim'eter *n. and a.* (דימ'-ע-טער) דער דימעטער, א צוויי-מעטרישער פערז; דימעטריש.

dimid'iate *v. and a.* (די-מיד'-אי-אייט) פאנאנדערטיילען אין צוויי גלייכע טיילען; פאנאנדערגעטיילט אויף העלפט; אין ביאלאגיע — האבענדיג איין טייל [ווי א געוויסען ארגאן] אזוי קליין אין פערגלייך מיט'ן צווייטען, דאס ער זעהט זיך כמעט ניט ארויס; צושפאלטען אויף איין זייט; וואס בעשטעהט פון צוויי העלפטען און יעדע העלפט האט איהר בעזונדערע פונקציאן.

dimidia'tion *n.* (די-מיד-אי-איי'-שאן) דאס פאנאנדערטיילען אין צווייען; דאס זיין צוטיילט אין צוויי גלייכע העלפטען.

dimin. אבקירצונג פון *diminuendo*

dimin'ish *v.* (די-מינ'-איש) פערקלענערען, פערמינדערען, זיך פערמינדערען, ארונטערווארפען אין ווערטה, אראבנעהמען.

dimin'ishable *a.* (די-מינ'-איש-עבל) וואס קען פערקלענערט ווערען; וואס ווערט פערמינדערט.

dimin'ished *a.* (די-מינ'-אישט) פערקלענערט, פערמינדערט; ארונטערגעזעצט [פון שטאנד, פון מדרגה].

dimin'isher *n.* (די-מינ'-איש-ער) דער פערמינדערער.

dimin'ishingly *adv.* (די-מינ'-איש-אינג-לי) דורך פערקלענערונג; מיט פעראכטונג.

diminuen'do *n.* (די-מי-נו-ענ'-דא) אין מוזיק — די שטופענווייזע פערקלענערונג פון דעם קלאנג פון הויך ביז נידריג.

diminu'tion *n.* (דימ-אי-ניו'-שאן) פערקלענערונג, פערמינדערונג; דאס פערקלענערען; דאס ארונטערזעצען פון שטאנד אדער ראנג; דאס ווערען קלענער; אין מוזיק — דאס איבערשפּיעלען א געוויסעם שטיק, אז עס זאל דויערען ניט מעהר ווי א העלפט אדער א פיערטעל צייט פון דעם פריהעריגען שפּיעלען; אין ארכיטעקטור — די פערמינדערטע דיקקייט פון א זייל פון דעם באזיס ביז'ן שפּיץ [ד. ה., ווען דער זייל איז אונטען דיקער און ווערט ביסלעכווייז אלץ דינער ביז צום שפּיץ].

dimin'utive *n. and a.* (די-מינ'-יו-טיוו) פערקלענערנד, פערמינדערענד; קליין; קורץ; א פערקלענערונגס-ווארט [א ווארט וואס בעצייכענט עפּעס קליינעס, ווי: "יונגעלע", "מיידעלע" א. ד. ג.]

dimin'utively *adv.* (די-מינ'-יו-טיוו-לי) אין א פערקלענערנדער מאס.

dimin'utiveness *n.* (די-מינ'-יו-טיוו-נעס) די קליינקייט.

dimin'utize *v.* (די-מינ'-יו-טאיז) אויסבילדען פון א ווארט א פערקלענערונגס-ווארט [ווי פון דעם ווארט "שטוב" אויסבילדען "שטיבעלע"].

dim'ish *a.* (דימ'-איש) טיילווייז טונקעל.

dimisso'rial *n.* (דימ-אי-סאו'-רי-על) ז. *dimissory letter*

dim'issory *a.* (דימ'-אי-סא-רי) ענטלאסענדיג, אוועקשיקענדיג; איבערגעבענדיג צו אן אנדער געריכטס-אנשטאלט; וואס איז שייך צו אן אורלויב; געבענדיג ערלויבניס אבצופאהרען אויף א געוויסער צייט.

dim'issory let'ter (דימ'-אי-סא-רי לעט'-ער) א בריעף פון א בישאף אדער פון אן אנדער הויכען גייסטליכען, וואס מאכט מעגליך פאר דעם וואס האט דיעזען בריעף צו ווערען א קאנדידאט אויף א געוויסער קירכליכער שטעלע.

dimit' *n. and v.* (די-מיט') ענטלאסען; געבען אורלויב; דינגען, נעהמען אדער געבען אין ארענדע; ביי דעם מאסאנען-ארדען — אן ענטלאסונגס-בריעף מיט א רעקאמענדאציאן מען זאל דעם ענטלאסענעם מיטגליעד ארייננעהמען אין אן אנדער לאזשע [לאדזש].

dim'ity *n.* (דימ'-אי-טי) א זארט טייערע לייווענט-צייג מיט שטרייפען איבער דער גאנצער לענג [ווערט געברויכט פאר בעט-געוואנד].

dim'ly *adv.* (דימ'-לי) אויף א טונקעלען אדער אונקלארען אופן; טונקעל, אונקלאר.

dim'ly ligh'ted (דימ'-לי לאי'-טעד) טונקעל בעלייכטעט; מאט, בלאס.

dim'mish *a.* (דימ'-איש) עטוואס טונקעל.

dim'ness *n.* (דימ'-נעס) טונקעלהייט; אונקלארהייט.

dim of sight (דים אוו סאיט) א טונקעלע אדער שלעכטע ראיה.

di mol'to (די מאול'-טא) זעהר שנעל [אין מוזיק].

di'morph *n.* (דאי'-מארף) איינער פון די צוויי פארמען פון א דימארפען-שטאף [א שטאף וועלכער געפינט זיך אין דער נאטור אין צוויי פערשיעדענע פארמען].

dimor'phic *a.* (דאי-מאר'-פיק) וואס עקזיסטירט אין צוויי פארמען; וואס קען זיך קריסטאליזירען אין צוויי פארמען [וועגען געוויסע שטאפען]; וואס איז שייך צו א שטאף וואס עקזיסטירט אין צוויי פארמען.

dimor'phism *n.* (דאי-מאר'-פיזם) דאס עקזיסטירען אין צוויי פערשיעדענע פארמען; די אייגענשאפט זיך צו קריסטאליזירען אין צוויי פארמען [וועגען געוויסע שטאפען]; דאס וואקסען פון צוויי פערשיעדענע ארטען בלומען אויף איין פלאנצע; דער אונטערשיעד אין פארם, קאליר, גרויס א. ז. וו. ביי חיות פון איין מין; דאס עקזיסטירען פון א ווארט פון דערזעלבינער בעדייטונג אין צוויי פארמען.

dimor'phous *a.* (דאי-מאר'-פאס) ז. *dimorphic*

dim'ple *n. and v.* (דימפל) א חן-גריבעלע [אין די באקען]; דאס גריבעלע אין מארדע; א גריבעלע אדער א רונצעל; מאכען אדער בילדען גריבעלעך; בילדען חן-גריבעלעך.

dim'pled *a.* (דימפלד) וואס האט א חן-גריבעלע.

dim'plement *n.* (דימ'פל-מענט) דאס האבען חן-גריבעלעך.

dim'ply *a.* (דימ'-פלי) פול מיט חן-גריבעלעך; פול מיט גריבעלעך.

dimp'sy *n.* (דימפ'-סי) א געריכט געמאכט פון עפּעל און בארען צושניטען אין קליינע שטיקלעך.

do *n. and v.* (דו) טהאן, מאכען, ערפילען, אויספיהרען, דורכפיהרען, בעזארגען; פעראורזאכען; אויסריכטען; ענדיגען; דיענען, ערפילען אן אויפגאבע; האנדלען, זיין טהעטיג; זיך אויפפיהרען; אנגעהן; האבען ערפאלג; זיך בעפינדען, זיין אין א [גוטען אדער שלעכטען] געזונד-צושטאנד; זיין געזונט, זיין גוט, זיין צוגעפאסט; בעטריגען, בעשווינדלען; לעגען, אוועקלעגען; א שפיצעל, א בעטרוג, א שווינדעל [אויסער דעם ווערט דאס ווארט געברויכט: אלס הילפס-צייטווארט ביי פראגען און פערניינונגען, אלס אויסדרוק פון בעפעהל אדער ביטע, אום אונטערצושטרייכען א פערלאנג; אויך פערנעהמט דאס ווארט דעם פלאץ פון יעדען צייטווארט, ווען מען וויל אויסמיידען ווידערהאלונגען].

do *n.* (דאו) די ערשטע נאטע אין מוזיק.

do'able *a.* (דו'-עבל) אויספיהרבאר.

do a deed (דו ע דיעד) טהאן עפעס גרויסעס.

do'-all *n.* (דו'-אהל) א דיענער אדער א בעאמטער וואס טהוט אלע מעגליכע ארבייטען.

do a pic'ture (דו ע פיק'-טשור) מאהלען א בילד.

doat *v.* (דאוט) ז. *dote*

do a task (דו ע טעסק) טהאן די נויטיגע ארבייט; ערפילען א פפליכט; מאכען אן אויפגאבע.

Children at school are taught to do their tasks cheerfully.

do away' (דו ע-הוויי') אויפגעבען, אוועקלעגען אן א זייט; בעזייטיגען, אבשאפען, אבמעקען, פערניכטען.

dob'ber *n.* (דאב'-ער) דער קארק אויף דער ווענטקע; א טויך-ענטעל. ז. *dabchick*

dob'bie *n.* (דאב'-אי) ז. *dobby-machine*

dob'by *n.* (דאב'-אי) ז. *dobby-machine*

dob'by-machine' *n.* (דאב'-אי-מע-שין') אן אפאראט צו וועבען פערשיעדענע קליינע אוזארען.

dob'chick *n.* (דאב'-טשיק) ז. *dabchick*

do'bie *n.* (דאו'-בי) א וואהנונגס-ארט, א וואהנונג.

docibil'ity *n.* (דאס-אי-ביל'-אי-טי) דאס לאזען זיך לערנען; דאס זיין געהארכזאם.

doc'ile *a.* (דאס'-איל) וואס לאזט זיך לערנען; וואס לערענט לייכט; געהארכזאם, נאכגיעביג, וואס לאזט זיך פיהרען, קאנטראלירען אדער ענדערען.

docil'ity *n.* (דא-סיל'-אי-טי) דאס לאזען זיך לערנען; די פעהיגקייט לייכט צו לערנען; געהארכזאמקייט, נאכגיעביגקייט; דאס לאזען זיך פיהרען, קאנטראלירען אדער ענדערען.

doc'imacy *n.* (דאס'-אי-מע-סי) ז. *docimasy*

docimas'tic *a.* (דאס-אי-מעס'-טיק) וואס בעווייזט מיט פראבעס אדער עקספערימענטען; וואס איז שייך צו פרובירען מעטאלען.

doc'imasy *n.* (דאס'-אי-מע-סי) דאס פרובירען רויהע מעטאלען; די פרובירקונסט; א כעמישע אונטערזוכונג פון מעדיצין און גיפטען; אין אלטען גריכענלאנד [און, הויפטזעכליך, אין דער שטאדט אטהען] — אן עפענטליכע אונטערזוכונג וועגען די יעניגע וואס האבען געקראגען א קהל'שען אמט אדער וועגען די יונגע לייט, וואס האבען דערגרייכט א געוויסען עלטער און האבען געזאלט אנערקענט ווערען פאר פול-בערעכטיגטע בירגער.

docimol'ogy *n.* (דאס-אי-מאל'-א-דזשי) די לעהרע ווי צו פרובירען מעטאלען.

doc'ity *n.* (דאס'-אי-טי) ז. *docility*

dock *n. and v.* (דאק) אמפערקרויט אדער שטשאוו; דער אבגעהאקטער עק פון א פערד אדער אן אנדער חיה; דער הארטער טייל פון אן עק פון א חיה; א דאק, א פלאץ ביים ברעג פון טייך אדער ים, וואו שיפען שטעלען זיך אב, ווערען פעררריכט און ווערען אנגעלאדען אדער אויסגעלאדען; א פלאץ אין געריכט, וואו עס זיצט דער אנגעקלאגטער; אבשניידען, קירצער מאכען, פערקלענערען, אבהאקען, פערניכטען; אריינפיהרען א שיף אין א דאק.

dock'age *n.* (דאק'-איידזש) אבקירצונג, פערקלענערונג, רעדוצירונג; בעקוועמליכקייטען אדער פלאץ פאר שיפען אין א דאק; דאס אריינברייננגען שיפען אין א דאק; דאק-צינזען [אבצאהלונגען פון שיפען פאר געברויכען דעם דאק]. ז. *dock*.

dock an account' (דאק ען ע-קאונט') ארונטערנעהמען פון חשבון.

dock'-dues *n.* (דאק'-דיוז) דאק-צינזען [אבצאהלונגען פון א שיף פאר געברויכען דעם דאק].

dock'-du'ty *n.* (דאק'-דיו'-טי) ז. *dock-dues*

docked *a.* (דאקט) 1. אבגעקירצט, אבגעשניטען ווי מיט א שארפען מעסער; מיט אן אבגעשניטענעם עק; 2. אראבגערעכענט [פון שכירות].

1. The horse has a docked tail. 2. The clerk was docked for his absence.

dock'er *n.* (דאק'-ער) א מאשינקע צו שניידען קיכלעך אדער ביסקוויטען.

dock'et *n. and v.* (דאק'-עט) א קצור, א קורצער אינהאלט; א געריכטס-טאבעלע, וואו די פארליעגענדע פראצעסען זיינען פערשריבען אין דער ארדנונג, אין וועלכער זיי דארפען פארקומען; א טאבעלע פון געריכטס-אורטיילע; א צעטעל אויף וואארע [מיט דער בעצייכנונג פון דעם זארט, מאס אדער צאהל, מיט דעם אדרעס פון דעם קויפער א. ד. ג.]; מאכען א קצור, גיבען א קורצען אויסצוג; ארויפלעגען א געריכטליכען פערבאט צו פערקויפען איינגענטום, אום צו פערזיכערען א חוב; איינשרייבען אין א געריכטס-ליסטע; ארויפקלעפען א צעטעל אויף וואארע.

dock'-mas'ter *n.* (דאק'-מעס'-טער) דער אויפזעהער פון א דאק.

dock'-rent *n.* (דאק'-רענט) די אבצאהלונג פאר האלטען וואארע אויף א דאק.

dock'yard *n.* (דאק'-יארד) א מאגאזין אדער סקלאד אין א האפען וואו עס ווערען געהאלטען פערשיעדענע געגענשטענדע וואס זיינען נויטיג פאר שיפען; א פלאץ אין א האפען וואו מען פעררריכט שיפען.

doc'tor *n. and v.* (דאק'-טאר) דאקטאר, א געלעהרטער; א לעהרער; דער העכסטער געלעהרטען-טיטול אין אן אוניווערזיטעט; א מעדיצינער; אין מאשינעריע — פאררריכטונגען, וואס רעגולירען די מאטעריאלען, מיט וועלכע די מאשין ארבייט; א צווייטע אדער א הילפס-דאמפף-מאשין; א געטראנק, מיט וועלכען מען פעלשט ווייגען; א קוכער אויף א שיף; דאקטארען, היילען, זיך היילען, נעהמען מעדיצינען; פעררריכטען, פערלאטען, פעלשען, פערדארבען; פראקטיצירען אלס דאקטאר; בעעהרען מיט'ן טיטול "דאקטאר".

doc'toral *a.* (דאק'-טא-רעל) וואס איז שייך צום טיטול אדער צו דער פראפעסיאן פון א דאקטאר.

doc'torate *n.* (דאק'-טא-רייט) דאקטאראט, דער טיטול אדער ראנג פון א דאקטאר.

doc'tor at law (דאק'-טאר עט לאה) דאקטאר יורי, דאקטאר פון יוריספרודענץ [א טיטול געגעבען צו א קענער פון געזעצען].

doc'toress *n.* (דאק'-טאר-עס) א דאקטארין, א פרויענצימער א דאקטאר.

doc'tor-fish *n.* (דאק'-טאר-פיש) דער זעע-באדער, א מין ים-פיש פון די הייסע לענדער מיט שארפע בלישטשענדע שטעכלעך ארום עק [דיעזע שטעכלעך זיינען עהנליך צו די אפעראציאנס-מעסערס פון א דאקטאר].

doc'tor of divin'ity (דאק'-טאר אוו די-ווינ'-אי-טי) א טיטול פון א געלעהרטען אין רעליגיאנס-וויסענשאפטען.

doc'tor of philos'ophy (דאק'-טאר אוו פי-לאס'-א-פי) דאקטאר דער פילאזאפיע [א טיטול פון א געלעהרטען אין געוויסע פאכען פון וויסענשאפט].

doc'tor of sci'ence (דאק'-טאר אוו סאי'-ענס) דאקטאר פון נאטור-וויסענשאפטען.

doc'torship *n.* (דאק'-טאר-שיפ) ז. *doctorate*

doc'tress *n.* (דאק'-טרעס) ז. *doctoress*

doctrinaire' *n. and a.* (דאק-טרי-נעהר') א דאקטרינער, א סכאלאסטיקער, איינער וואס קוקט אויף אלץ פון שטאנדפונקט פון א שמאלער און איינזייטיגער טעאריע, נים בעמערקענדיג אדער ניט לעגענדיג קיין אכטונג אויף די ווירקליכע פאקטען פון לעבען; דאקטרינעריש, פון אן ענג-טעארעטישען שטאנדפונקט.

doc'trinal *n. and a.* (דאק'-טרי-נעל) וואס איז שייך צו א דאקטרין אדער לעהרע; דאקטריניש, בעלעהרענד; וואס ענטהאלט אין זיך רעגעלען, איסורים און התרים; א טייל אדער א פונקט פון א דאקטרין אדער לעהרע.

doc'trinal disputa'tion (דאק'-טרי-

נעל דיס-פיו-טיי'-שאן) א ויכוח איבער א וויסענשאפטליכען געגענשטאנד.

doc'trinally *adv.* (דאק'-טרי-נעל-אי) אין דער פארם פון א דאקטרין אדער טעאריע.

doctrina'rian *n.* (דאק-טרי-ניי'-רי-ען) ז. *doctrinaire*

doctrina'rianism *n.* (דאק-טרי-ניי'-רי-ען-איזם) דער דאקטרינאריזם, די פרינציפען אדער האנדלונגען פון א דאקטרינער. ז. *doctrinaire*

doc'trine *n.* (דאק'-טרין) א דאקטרין, א טעאריע וועגען א געוויסען פאליטישען אדער פילאזאפישען געגענשטאנד.

doc'trine of chan'ces (דאק'-טרין אוו טשענ'-סען) די טעאריע וועגען מעגליכקייטען אדער די לעהרע וועגען די געזעצען, אונטער וועלכע עס זיינען אונטערגעווארפען די זאגענאנטע צופעליגע ערשיינונגען [ווי למשל, ווען צווישען 1000 לאטעריי בילעטען קען נור איינער געווינען און איך האב איין בילעט, דאן האב איך איין טויזענדטעל מעגליכקייט צו געווינען; ווען איך האב 10 בילעטען, דאן האב איך איין הונדערטעל מעגליכקייט צו געווינען א. ד. ג.].

doc'trine of dif'ference (דאק'-טרין אוו דיפ'-ע-רענס) די טעאריע וועגען אונטערשיעד צווישען קאטאליציזם און פראטעסטאנטיזם.

doc'trine of enu'merated pow'ers (דאק'-טרין אוו אי-ניו'-מע-ריי-טעד פאו'-ערז) די טעאריע, אז די קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען גיט דער אלגעמיינער רעגיערונג נור די מאכט, וועגען וועלכער עס איז דייטליך אין איהר דערמאנט געווארען.

doc'ument *n. and v.* (דאק'-יו-מענט) א דאקומענט, א צייגניס, א פאפיער: בעזארגען מיט פאפיערען; אונטערשטיצען מיט א דאקומענט.

documen'tal *a.* (דאק-יו-מענ'-טעל) ז. *documentary*

documen'tary *a.* (דאק-יו-מענ'-טע-רי) דאקומענטאל, וואס געהערט צו בעווייזע אדער צייגניסע.

documen'tary ev'idence (דאק-יו-מענ'-טע-רי עוו'-אי-דענס) דאקומענטאלע אדער געשריבענע בעווייזע.

dod'der *n. and v.* (דאד'-ער) די פלאקס-זייד [אזא פלעכטענדע, קריכענדע פאראזיטען-פלאנצע אהן בלעטלעך]; זיך טרייסלען, שוידערען, ציטערען.

Dodder

dod'dered *a.* (דאד'-ערד) בעוואקסען מיט פלאקס-זייד. ז. *dodder*

dod'dle *v.* (דאדל) געהן וואקלענדיג מיט ניט זיכערע טריט [ווי א קינד].

do dead (דו דעד) ארויסגעהן אין טויט-קאמפף.

dodec'agon *n.* (דאו-דעק'-ע-גאן) אין געאמעטריע — א פלעכע וואס האט 12 זייטען און צוועלף ווינקלען.

dodecag'onal *a.* (דאו-דע-קעג'-א-נעל) וואס האט 12 זייטען און 12 ווינקלען.

dodec'agyn *n.* (דאו-דעק'-ע-דזשין) א פלאנצע וואס האט 12 פעסטילען אדער ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecag'ynous *a.* (דאו-דע-קעדזש'-אי-נאס) אין באטאניק — וואס האט 12 פעסטילען אדער ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecahe'dral *a.* (דאו-דעק-ע-היע'-דרעל) צוועלף-זייטיג; וואס האט די פארם פון א דאדעקאעדער. ז. *dodecahedron*

dodecahe'dron *n.* (דאו-דעק-ע-הי'-דראן) אין געאמעטריע — א דאדעקאעדער, א סאלידע פיגור וואס האט צוועלף גלייכע זייטען.

dodecan'der *n.* (דאו-דע-קענ'-דער) א פלאנצע מיט 12 שטויב-געפעסען אדער מענליכע געשלעכטס-ארגאנען.

dodecan'drian *a.* (דאו-דע-קענ'-דרי-ען) אין באטאניק — וואס האט 12 שטויב-געפעסען אדער מענליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecan'drous *a.* (דאו-דע-קענ'-דראס) ז. *dodecandrian*

dodecasyl'lable *n.* (דאו-דעק-ע-סיל'-עבל) אווארט וואס האט 12 זילבען.

dodge *n. and v.* (דאדזש) אבשפרינגען אן א זייט, אבקעהרען זיך, אויסדרעהען זיך; אויסווייכען; גנב'ענען זיך פון ארט צו ארט; פאלען אויף אן המצאה ווי אזוי אויסצואווייכען; א שווינדלערישע המצאה; א שפיצעל, א שטוקע.

dodg'ery *n.* (דאדזש'-ער-אי) א שפיצעל, א שטוקע.

do'do *n.* (דאו'-דאו) א דאדא אדער דראנטע [אזא פויגעל וואס האט אמאל עקזיסטירט אויף דעם אינזעל מאוריטיוס און איז אין גאנצען פערשוואונדען צו ענדע פון 17טען יאהרהונדערט].



Dodo

do du'ty for (דו דיו'-טי פאר) דיענען פאר איינעם, פערטרעטען, בענוצט ווערען אנשטאט אן אנדער זאך.

With the Chinese sticks **do duty for** spoons and forks.

doe *n.* (דאו) די נקבה פון א הירש, פון א האז אדער פון א קראליק.

do'er *n.* (דו'-ער) א טהוער, איינער וואס טהוט עפעס אדער וואס איז מיט עפעס בעשעפטיגט.

does (דאז) ער טהוט, זי טהוט. ז. *do*

doe'skin *n.* (דאו'-סקין) די פעל פון א הירשין, זאמש; דינע וואלענע צייג פאר מענער-קליידער.

does not an'swer (דאז נאט ענ'-סער) עס טויג ניט.

doff *v.* (דאף) ארונטערנעהמען, אויסטהאן, ארונטערציהען; ארונטערנעהמען דאס היטעל [אלס בעגריסונג].

do for (דו פאר) טהאן עפעס פאר אדער צוליעב אימעצען; זארגען פאר אימעצען; רואינירען; שטארק שעדיגען; טויטליך פערוואונדען; בעזיעגען; שטארק צושלאגען.

dog *n. and v.* (דאג) א הונד; א קלאמער; א האקען אדער העקעל; נאכשפירען [ווי א הונד]; פערפאלגען מיט הינד [אויף יאגד]; בעפעסטיגען מיט א קלאמער אדער העקעל.

Dog *n.* (דאג) דער הונד-שטערען-בילד [א געוויסע צוזאמענשטעלונג פון שטערען אין דער אלטער אסטראנאמיע]; דער הונדס-שטערען [סיריאוס].

do'gal *a.* (דאו'-געל) וואס איז שייך צו דעם הויפט-מאגיסטראט פון די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון ווענעציע און גענאא.

doga'na *n.* (דא-גא'-נא) א צאל-הויז [טאמאזשנע].

dog'-ape *n.* (דאג'-אייפ) אן "ער"-אפע [מאלפע].

do'gate *n.* (דאו'-גייט) דאס אמט פון א הויפט-מאגיסטראט אין די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון ווענעציע און גענאא.

dog'bane *n.* (דאג'-ביין) ז. *dog's-bane*

dog'-bee *n.* (דאג'-ביע) דער "ער" פון ביענען; א פליעג וואס דערקוטשעט שטארק הינד.

dog'berry *n.* (דאג'-בער-אי) די הונד-יאגדע.

dog'-bis'cuit *n.* (דאג'-ביס'-קיט) אזא מין ביסקוויט מיט פלייש צו קארמענען הינד.

dog'-bri'er *n.* (דאג'-בראי'-ער) דער ווילדער ראזענשטאק.

dog'-cart *n.* (דאג'-קארט) א קליין וועגעל וואס ווערט געפיהרט פון הינד; א קליין וועגעל אויף צוויי רעדער.

dog'-cheap *a.* (דאג'-טשיעפ) שפאט-ביליג; אזוי ביליג ווי פאר הינד צוווארפען.

dog'-col'lar *n.* (דאג'-קאל'-ער) א האלז-באנד פון א הונד; אזא ענגער האלז-באנד פאר פרויען.

dog'-days *n.* (דאג'-דייז) די קאניקולען, די הונדס-טעג [דאס זיינען די טעג פון ענדע יולי ביז אנהויב סעפטעמבער. זיי הייסען הונדס-טעג, ווייל אין דיעזע טעג געהט דער שטערען וואס הייסט "הונדס-שטערען" אויף און אונטער צוזאמען מיט דער זון].

doge *n.* (דאודזש) דער טיטול פון דעם הויפט-מאגיסטראט אין די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון ווענעציע און גענאא.

dog'-ear *v.* (דאג'-איער) פערבויגען די ווינקלען פון די בלעטער אין א בוך [מאכען ווי ארונטערגעהאנגענע הינטישע אויערען].

dog'-eared *a.* (דאג'-איערד) וואס די ווינקלען פון די בלעטער [פון א בוך] זיינען פערבויגען.

doge'ship *n.* (דאודזש'-שיפ) ז. *dogate*

dog'-fan'cier *n.* (דאג'-פענ'-סי-ער) א הונד-הענדלער, א הונד-ציכטער.

dog'-fight *n.* (דאג'-פאיט) א רייסעריי פון הינד; א געשלעג וואס איז ניט לויט די כללים פון באקסען.

dog'fish *n.* (דאג'-פיש) דער הונד-פיש [א מין האיפיש].



Dogfish

dog'-fly *n.* (דאג'-פלאי) די הונד-פליעג [אזא פליעג וואס בעאונרוהיגט הויפטזעכליך הינד].

dog'-fox *n.* (דאג'-פאקס) א הונד אן "ער".

dog'ged *a. and adv.* (דאג'-עד) איינגע-

שפארט; פערביסען; הארטנעקיג; פערדריסליך; אונפריינדליך; זעהר.

dog'gedly *adv.* (דאג'-עד-לי) אויף אן איינגעשפארטען אדער הארטנעקיגען אופן; מיט דער איינגעשפארטקייט פון א הונד.

dog'gedness *n.* (דאג'-עד-נעס) פערביסענקייט, איינגעשפארטקייט, הארטנעקיגקייט; אנגעכמורעטקייט, אונפריינדליכקייט.

dog'ger *n.* (דאג'-ער) א פישער-שיף.

dog'gerel *n. and a.* (דאג'-ער-על) גראם-שטראם פאעזיע; געדיכטע מיט א פאלשען פערזען-מאס און ריטם און א פוסטען אינהאלט; אהן ריטם און אהן אן אינהאלט [וועגען געדיכטע].

dog'gerelize *v.* (דאג'-ער-על-איז) שרייבען גראם-שטראם געדיכטע.

dog'gerelizer *n.* (דאג'-ער-על-אי-זער) א גראם-שטראם דיכטער.

dog'german *n.* (דאג'-ער-מען) א מאטראז פון א פישער-שיף.

dog'gery *n.* (דאג'-ער-אי) בעטרוג, געמיינהייט; א פראסטער שענק.

dog'ging *n.* (דאג'-אינג) די יאגד מיט הינד.

dog'gish *a.* (דאג'-איש) הינטיש; בייסיג; קנוריג [ווי א הונד].

dog'gishly *adv.* (דאג'-איש-לי) אויף א הינטישען אופן.

dog'gishness *n.* (דאג'-איש-נעס) הינטישקייט, פערביסענהייט, איינגעשפארטקייט.

dog'-goned *a.* (דאג'-גאהנד) פערדאמט.

dog'-grass *n.* (דאג'-גרעס) הונדס-גראז, קוועקע [א מין ווילדער ווייץ, וואס וואקסט ביי די זייטען פון די פעלדער].

dog'gy *n.* (דאג'-אי) הינטעלע [א ליעבלינגס-נאמען פאר א הונד]; א קליין הינטעל.

dog'-head *n.* (דאג'-העד) אזא האמער וואס ווערט בענוצט ביים מאכען זעגען.

dog'-hear'ted *a.* (דאג'-האר'-טעד) האבענדיג א הינטיש הארץ, גרויזאם, הארט-הערציג.

dog'-hole *n.* (דאג'-האול) א קאנורע, א הונד-לאך.

dog'-house *n.* (דאג'-האוס) א קאנורע, א הונד-ביידעל.

dog in the man'ger (דאג אין טהי מיינ'-דזשער) א הונד אויף א קופע היי, ער עסט אליין ניט און לאזט קיין אנדערע ניט עסען.

dog'-kee'per *n.* (דאג'-קיע'-פער) א הונד-אויפזעהער.

dog'-ken'nel *n.* (דאג'-קענ'-על) ז. *dog-house*.

dog'-Lat'in *n.* (דאג'-לעט'-אין) עם-הארצות'דיגע לאטיין.

dog'-leech *n.* (דאג'-ליעטש) א הונד-דאקטאר.

dog'-legged *a.* (דאג'-לעגד) אויסגעבויגען ווי א הינטישער פוס [וועגען טרעפ, רעלסען א. ד. ג.].

dog'-let'ter *n.* (דאג'-לעט'-ער) דער בוכשטאב *R*.

dog'-louse *n.* (דאג'-לאוס) די הונד-לויז [אזא אינזעקט וואס קלעפט זעהר צו הינד].

dog'ma *n.* (דאג'-מע) א דאגמע, א גרונד-פרינציפ פון רעליגיאן; א פעסטגעשטעלטער פרינציפ; אן אנגענומענער לעהר-זאץ פון אן אויטאריטעט אהן אליין עס צו קענען בעווייזען אדער צו בעגרינדען [ווי ביי אידען הלכה למשה מסיני].

dog'-mad *a.* (דאג'-מעד) משוגע ווי א הונד.

dog'-man *n.* (דאג'-מען) איינער וואס האנדעלט מיט הינטישען פלייש.

dogmat'ic *n. and a.* (דאג-מעט'-איק) דאגמאטיש, ווי א דאגמע [וועגען א בעהויפטונג וואס איז ניט בעגרינדעט אויף ערפאהרונג אדער בעווייזע]; די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די דאגמען פון דער קריסטליכער רעליגיאן; א דאגמאטיקער [איינער וואס בעגרינדעט ניט זיינע בעהויפטונגען, נאר שטעלט זיי ארויס אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען]. ז. *dogma*.

dogmat'ical *a.* (דאג-מעט'-אי-קעל) דאגמאטיש, ווי א דאגמע [וועגען א בעהויפטונג וואס איז ניט בעגרינדעט אויף ערפאהרונג אדער בעווייזע].

dogmat'ically *adv.* (דאג-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א דאגמאטישען שטייגער; אויף דעם אופן פון אן אויטאריטעט; מיט געוויסהייט, מיט בעשטימטהייט. ז. *dogma*.

dogmat'icalness *n.* (דאג-מעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין דאגמאטיש; געוויסהייט, בעשטימטהייט.

dogmat'ics *n.* (דאג-מעט'-איקס) די וויסענשאפט וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די דאגמען [גרונד-פרינציפען] פון דער קריסטליכער רעליגיאן.

dogmatisa'tion *n.* (דאג-מע-טי-זיי'-שאן) ז. *dogmatization*.

dog'matise *v.* (דאג'-מע-טאיז) ז. *dogmatize*.

dog'matism *n.* (דאג'-מע-טיזם) דאגמאטיזם, דאס זיין דאגמאטיש; בעהויפטונגען, וועלכע ווערען ארויסגעשטעלט אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען, ניט זייענדיג בעגרינדעט אדער בעוויזען.

dog'matist *n.* (דאג'-מע-טיסט) א דאגמאטיקער, איינער וואס בעגרינדעט ניט זיינע בעהויפטונגען, נאר שטעלט זיי ארויס אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען.

dogmatiza'tion *n.* (דאג-מע-טי-זיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין א דאגמע; דאס מאכען בעהויפטונגען אין דער פארם פון א דאגמע. ז. *dogma*.

dog'matize *v.* (דאג'-מע-טאיז) מאכען דאגמאטישע בעהויפטונגען; מאכען בעהויפטונגען אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען אהן ארגומענטען אדער בעווייזע.

dog'matizer *n.* (דאג'-מע-טאי-זער) ז. *dogmatist*.

dog'rose *n.* (דאג'-ראוז) די פעלד-רויז, די ווילדע רויז.

Dog-rose

dog's age (דאגז איידזש) א שאק מיט יאהרען.

dog's'-bane *n.* (דאגז'-ביין) הונדס-קרויט [אזא פלאנצע מיט שטארק ביטערע ווארצלען].

dog's death (דאגז דעטה) א הינטישער טויט.

dog's'-ear *n. and v.* (דאגז'-איהר) א פערבויגענער ווינקעל פון א בלאט אין א בוך [וואס זעהט אויס ווי א הינטישער אויער]; פערבויגען די ווינקלען פון די בלעטער פון א בוך.

dog's'-fen'nel *n.* (דאגז'-פענ'-על) הונדס-גראז [אזא גראז מיט א זעהר שלעכטען ריח].

dog's'-grass *n.* (דאגז'-גרעס) ז. *dog-grass*.

dog'-show *n.* (דאג'-שאו) אן אויסשטעלונג פון הינד.

dog'-sick *a.* (דאג'-סיק) זעהר קראנק.

dog'skin *n. and a.* (דאג'-סקין) א הונד-פעל; הונד-לעדער; געמאכט פון הונד-לעדער.

dog'-sleep *n.* (דאג'-סליעפ) א לייכטער שלאף [ווי פון א הונד].

dog's'-meat *n.* (דאגז'-מיעט) אבפאל פון פלייש [אלס שפייז פאר הינד].

dog's'-mer'cury *n.* (דאגז'-מויר'-קיו-רי) דאס בינגעלקרויט [א מין גיפטיג גראז].

Dog's-mercury

dog's'-nose *n.* (דאגז'-נאוז) אזא מין געמישטער ענגלישער געטראנק.

dog's'-tail grass (דאגז'-טייל גרעס) דאס געוועהנליכע קאם-גראז וואס וואקסט אויף לאנקעס.

dog'-star *n.* (דאג'-סטאר) דער הונדס-שטערען אדער סיריאוס [א געוויסער שטערען וועלכען מען זעהט אם קלארסטען אין די מאנאטען יולי און אויגוסט].

dog'-stone *n.* (דאג'-סטאון) אזא שארפטיגער שטיין וואס ווערט בענוצט אלס מיהל-שטיין.

dog'stones *n.* (דאג'-סטאונז) אזא פלאנצע פון דעם ארכידעען מין.

dog's'-tooth grass (דאגז'-טוהטה גרעס) ז. *dog-grass*.

dog'-tent *n.* (דאג'-טענט) א קליינער געצעלט וואס זעהט אויס ווי א הינטיש ביידעל.

dog'-tired *a.* (דאג'-טאירד) מיעד ווי א הונד [שרעקליך מיעד].

dog'-tooth *n. and a.* (דאג'-טוהטה) דער אויגען-צאהן [דער שפיציגער צאהן נאך וועלכען עס הויבען זיך אן די באקציינער]; אין ארכיטעקטור — אזא פער-

ציערונג אין דער פארם פון שפיציגע צייהנער; וואס איז שייך צו אזא פערציערונג.

dog′-tree *n.* (דאג′-טריע) ז. *dogwood*

dog′-trick *n.* (דאג′-טריק) א הינטישע שטוקע; א הינטישער וויץ.

dog′-trot *n.* (דאג′-טראט) א לייכטער טריט [ווי פון א הונד].

dog′-watch *n.* (דאג′-הוואטש) די צוויי-שטונדען וואך וועלכע ווערט געהאלטען אויף א שיף פון דער מאנשאפט — איינע פון 4 ביז 6 פאר נאכט און די צווייטע פון 6 ביז 8 מארגענס.

dog′-wear′y *a.* (דאג′-הוויער′-אי) מיעד ווי א הונד, טויט מיעד.

dog′wood *n.* (דאג′-הוואוד) דער הונדס-בוים [אזא בוים פון גלאטען און הארטען האלץ].

Dogwood

doi′ly *n.* (דאי′-לי) א טהעע-סערוועטקע, א דעסערט טישטיכעל [א קליין פערציערט אדער געשטריקט טישטיכעל].

do′ings *n.* (דו′-אינגז) טהאטען, אויפטהואונגען; האנדלונגען.
Write me about your **doings.**

do in′jury (דו אינ′-דזשו-רי) טהאן שאדען.

do in′to (דו אינ′-טו) איבערזעצען אין...
The author will **do** this article **into** German.

doit *n.* (דאיט) 1. אן אלטע קופערנע קליינע האלענדישע מטבע; א פרוטה, א גראשען; 2. א קלייניגקייט, א טראפען.
2. I care not a **doit.**

doit′kin *n.* (דאיט′-קין) אן אלטע האלענדישע קליינע קופערנע מטבע; א פרוטה, א גראשען.

dol. אבקירצונג פון *dollars* אדער *dollar*

dolab′riform *a.* (דא-לעב′-רי-פארם) האק-פערמיג, ווי א האק [וועגען בלעטער און קערפער-טיילען ביי אינזעקטען].

dol′ce *a.* (דאול′-טשע) זיס און זאנפט [אין מוזיק].

dol′ce far nien′te (דאול′-טשע פאר ניענ′-טע) זיסע אונטעהטיגקייט; געשמאקע, אנגענעהמע פוילקייט.

dolcemen′te *adv.* (דאול-טשע-מענ′-טע) מיט זאנפטקייט און מיט זיסקייט [אין מוזיק].

dol′drums *n.* (דאל′-דראמז) געדריקטע שטימונג; שטילקייט, ווינדלאזיגקייט [אין איינינגע טיילען פון ים ארום עקוואטאר].

dole *n.* and *v.* (דאול) א טייל; די אויסטיילונג; מזל, גורל; א נדבה; קומער; קלאג; דאס טרויערען; דאס ווארקען פון טויבען; א הורטע טויבען; א גרענעץ; אויסטיילען אין קליינע פארציעס [הויפטזעכליך וועגען נדבות אדער אין אלגעמיין, ווען עס ווערט געגעבען קארג און מיט אונצופרידענהייט].

dole′ful *a.* (דאול′-פול) טרויעריג, בעטריבט, מעלאנכאליש.

dole′fully *adv.* (דאול′-פול-אי) מיט טרויער, מיט קומער, מיט בעטריבטקייט; מעלאנכאליש.

dole′fulness *n.* (דאול′-פול-נעס) טרויעריגקייט, בעטריבטקייט, קומער, מעלאנכאליע.

dole out (דאול אוט) קארג אויסטיילען.

dole′some *a.* (דאול′-סאם) ז. *doleful*

dole′somely *adv.* (דאול′-סאם-לי) ז. *dolefully*

dole′someness *n.* (דאול′-סאם-נעס) ז. *dolefulness*

dolichoceph′alic *a.* (דאל-אי-קא-סעפ′-ע-ליק) לאנג-קעפיג [וועגען מענשענראסען, ביי וועלכע דער שארבען האט א לענגליכע פארם און זיין ברייט איז ניט מעהר ווי דריי פיערטעל פון דער לענג].

dolichoceph′alism *n.* (דאל-אי-קא-סעפ′-ע-ליזם) לאנג-קעפיגקייט. ז. *dolichocephalic*

dolichoceph′alous *a.* (דאל-אי-קא-סעפ′-ע-לאס) ז. *dolichocephalic*

dolichoceph′aly *n.* (דאל-אי-קא-סעפ′-ע-לי) ז. *dolichocephalism*

do like for like (דו לאיק פאר לאיק) בעצאהלען מיט דערזעלבער מטבע.

dol′iman *n.* (דאל′-אי-מען) א לאנגער טערקישער אויבערמאנטעל מיט שמאלע ארבעל, וואס פערשפילען זיך אונטען, ביים האנד-געלענק.

do′-lit′tle *n.* (דו′-ליט′ל) א פוילענצער.

doll *n.* (דאל) א פופע, א ליאלקע.

dol′lar *n.* (דאל′-אר) א דאלאר [אן אמעריקאנישע מטבע]: דער דייטשער טהאלער [דריי מארק].

dol′lar-bird *n.* (דאל′-אר-בוירד) דער דאלאר-פויגעל [אזא פויגעל אין אויסטראליען. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם גרויסען קיילעכדיגען ווייסען פלעק אויף די פליגעל].

dol′lar-mark *n.* (דאל′-אר-מארק) דער צייכען $, מיט וועלכען מען בעצייכענט דאלארס [ווי $5.].

doll′y *n.*, *v.* and *a.* (דאל′-אי) א ליאלקע, א פופע; אין אינדיען — א פרעזענט פון פרוכטען און זיסען געבעקס; אזא אינסטרומענט איינצושלאגען ערץ אין די שאכטען; אזא וואש-מאשין; איינשלאגען ערץ; וואשען ערץ מיט א וואש-מאשין; נאריש, קינדיש; ליעב.

doll′y mop (דאל′-אי מאפ) א נאסען-הור, א סאלדאטען-הור.

dol′ma *n.* (דאל′-מא) א טערקישער מאכל, וועלכער בעשטעהט פון געהאקטען פלייש, רייז, אייער א. ד. ג., געוויקעלט אין פלאנצען-בלעטער.

dol′man *n.* (דאל′-מען) א לאנגער טערקישער אויבער-מאנטעל מיט שמאלע ארבעל, וואס פערשפילען זיך ביים האנד-געלענק; א הוזארען-יאק, רייך בעפוצט מיט שנורען; א פרויען-מאנטעל מיט אן ארבאהאנג [אין דער פארם פון א קאלנער] אנשטאט ארבעל.

dol′men *n.* (דאל′-מען) א דאלמען, א שטיינערנע מצבה פון די אור-אלטע צייטען, וועלכע מען געפינט אין די מערב-טיילען פון אייראפא, אין אזיען און אין אפריקא [א דאלמען בעשטעהט געוועהנליך פון א שטיין, וואס ליעגט אויף אנדערע שטיינער אזוי, אז עס בילדעט זיך א מין קעמערעל. מען דענקט, אז די דאלמענס זיינען אויך געברויכט געווארען אלס מזבחות און אלס וואהנונגען].

dolmen′ic *a.* (דאל-מענ′-איק) וואס איז שייך צו א דאלמען; וואס מאכען דאלמענס. ז. *dolmen*

dol′omite *n.* (דאל′-א-מאיט) דער דאלאמיט [א מינעראל, ענטהאלט קאלך, מאגנעזיום און קויהלען-זויערע].

dolomit′ic *a.* (דאל-א-מיט′-איק) וואס איז שייך צו דאלאמיט. ז. *dolomite*

dol′omize *v.* (דאל′-א-מאיז) פערוואנדלען אין דאלאמיט. ז. *dolomite*

do′lor *n.* (דאו′-לאר) שמערץ, טרויער, קומער, יאמער.

dolorif′erous *a.* (דאל-א-ריפ′-ע-ראס) שמערצליך; וואס פערשאפט שמערץ.

dolorif′ic *a.* (דאל-א-ריפ′-איק) וואס דריקט אויס אדער פעראורזאכט שמערץ.

dolorif′ical *a.* (דאל-א-ריפ′-אי-קעל) ז. *dolorific*

doloro′so *a.* and *adv.* (דאו-לאו-ראו′-סא) זאנפט און ריהרענד [אין מוזיק].

dol′orous *a.* (דאל′-א-ראס) שמערצליך, שמערצענד, טרויעריג, יאמערליך, בעטריבענד, בעטריבט.

dol′orously *adv.* (דאל′-א-ראס-לי) אויף א שמערצליכען, טרויעריגען אדער בעטריבענדען אופן.

dol′orousness *n.* (דאל′-א-ראס-נעס) שמערצליכקייט, קומער, טרויעריגקייט, בעטריבטקייט.

dolose′ *a.* (דאו-לאוס′) מיט א פערברעכערישער כונה.

dol′phin *n.* (דאל′-פין) דער דעלפין-פיש; אזא שטיק אייזען אדער בליי, מיט וועלכען מען פלעגט אין אלטען גריכענלאנד דורכברעכען און זינקען פיינדליכע שיפען; א פאררינכטונג פון קלעצער ביי א דאק פאר פעראנקערען שיפען.

dol′phinet *n.* (דאל′-פינ-עט) די "זי" פון דעלפין-פיש.

dolt *n.* and *v.* (דאולט) א נאר, אן עזעל-קאפ; א חמור; נאריש האנדלען; זיך אויפפיהרען דום.

dol′tish *a.* (דאול′-טיש) נאריש, עזעלש, דום.

dol′tishly *adv.* (דאול′-טיש-לי) אויף א נארישען, דומען שטייגער.

dol′tishness *n.* (דאול′-טיש-נעס) דאס זיין א חמור; דומהייט.

domain′ *n.* (דא-מיין′) הערשאפט; די טעריטאריע פון הערשאפט; א מאיאנטעק, א גוט, לאנד-אייגענטום; געביעט.

do′mal *a.* (דאו′-מעל) וואס איז שייך צו אן אבגעגרענעצטען טייל פון אויסגעשטערענטען הימעל [אין אסטראלאגיע].

doma′nial *a.* (דא-מיי′-ני-על) וואס איז שייך צו גיטער אדער מאיאנטקעס.

Dom′boc *n.* (דאום′-באוק) ז. *Domebook*

dome *n.* and *v.* (דאום) א דאם, א בנין, א גרויסארטיגע געביידע, א גרויסע קירך אדער טעמפעל; אין ארכיטעקטור — א קופאל, דער האלב-רונדער דאך פון א קירך און אנדערע געביידען; א האלב-רונדע ארקע; דער דאמפף-קאמער פון א לאקאמאטיוו; דער אויבערשטער טייל פון א שמעלץ-אויווען; דער אויבערשטער דאך פון אן אייזענבאהן-וואגאן; דער האלב-רונדער דאך פון אן אבסערוואטאריע; א מינעראל וואס האט די פארם פון א קופאל; ארויפשטעלען א קופאל; צוגעבען צו עפעס די פארם פון א קופאל.

Dome′book *n.* (דאום′-בוק) א זאמלונג פון געזעצע וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון ענגלישען קעניג אלפרעד.

domes′tic *n.* and *a.* (דא-מעס′-טיק)

1. הויזליך; היימיש; היגע; פון אייגענעם לאנד; היימיש געמאכט; היימיש געמאכטע פראדוקטען [אין געגענזאץ צו אימפארטירטע וואארע]; 2. א הויז-משרת, א בעדיענער.
1. I wear a suit made of domestic woolen.
2. In America it is hard to obtain domestics.

domes'tical *n.* (דא-מעס'-טי-קעל) א הויז-משרת.

domes'tically *adv.* (דא-מעס'-טי-קעל-אי) בנוגע צו די היימישע אנגעלעגענהייטען; פריוואט, היימיש.

domes'tic an'imal (דא-מעס'-טיק ענ'-אי-מעל) א הויז-טהיער.

domes'ticate *v.* (דא-מעס'-טי-קייט) היימיש מאכען, צוגעוועהנען; מאכען אדער ווערען פאמיליאר; זיין א הויז-זיצער; זיין שטענדיג אין דער היים, פיהרען א רוהיג לעבען; זיין א היימישער מענש.

domestica'tion *n.* (דא-מעס-טי-קיי'-שאן) דאס הויזליכע לעבען; דאס זיין היימיש; דאס מאכען הויזליך, די צוגעוועהנונג.

domes'ticative *a.* (דא-מעס'-טי-קיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו פיהרען א הויז-לעבען אדער צו זיין א הויז-זיצער.

domes'tic com'merce (דא-מעס'-טיק קאמ'-ערס) דער האנדעלס-פערקעהר אין די גרענעצען פון דעם אייגענעם לאנד אדער מלוכה.

domes'tic econ'omy (דא-מעס'-טיק אי-קאנ'-א-מי) די הויז-ווירטשאפט; דער אופן ווי אזוי עס ווערט געפיהרט די הויז-ווירטשאפט.

domestic'ity *n.* (דא-מעס-טיס'-אי-טי) הויזליכקייט, דאס זיין היימיש.

domes'ticize *v.* (דא-מעס'-טי-סאיז) מאכען הויזליך [א חיה]; מאכען היימיש.

domes'tic peace (דא-מעס'-טיק פיעס) הויז-פריעדען, שלום בית.

domes'tic trade (דא-מעס'-טיק טרייד) דער אינערליכער האנדעל.

domes'tic tu'tor (דא-מעס'-טיק טיו'-טאר) א הויז-לעהרער.

domes'tic war (דא-מעס'-טיק וואהר) א בירגער-קריעג.

dom'ett *n.* (דאמ'-עט) גלאטער האלב-וואלענער שטאף.

do'mical *a.* (דאו'-מי-קעל) וואס איז שייך אדער וואס האט די פארם פון א דאם אדער פון א געביידע מיט א קופאל; וואס איז געבויט לויט דער ארכיטעקטור פון א דאם. ז. *dome*

do'mically *adv.* (דאו'-מי-קעל-אי) אין דער פארם פון א דאם. ז. *dome*

dom'icile *n. and v.* (דאמ'-אי-סיל) א וואהנונג; א הויז; א וואהנונגס-ארט; זיך בעזעצען אין א וואהנונג; בעזארגען מיט א וואהנונג.

domicil'iary *a.* (דאמ-אי-סיל'-אי-ע-רי) וואס געהערט צו דער וואהנונג, הויזליך; אין זאאלאגיע — וואס איז שייך צו דעם שיידעל, אין וועלכען א געוויסע חיה לעבט.

domicil'iate *v.* (דאמ-אי-סיל'-אי-אייט) זיך בעזעצען אין א וואהנונג; בעזארגען מיט א הויז.

domicilia'tion *n.* (דאמ-אי-סיל-אי-איי'-שאן) די בעזעצונג אין א וואהנונג; די בעשטענדיגע וואהנונג.

dom'inance *n.* (דאמ'-אי-נענס) דאס הערשען, די הערשונג, דער קאנטראל, די אויבערהאנד.
China is now under the dominance of Europe.

dom'inancy *n.* (דאמ'-אי-נענ-סי) ז. *dominance*

dom'inant *n. and a.* (דאמ'-אי-נענט) וואס געוועלטיגט; וואס האט די אויבערהאנד; אין מוזיק — די דאמינאנטע, דער 5טער טאן אין א גאמא.

dom'inantly *adv.* (דאמ'-אי-נענט-לי) מעשה געוועלטיגער; אויף א הערשענדען שטייגער.

dom'inate *v.* (דאמ'-אי-נייט) הערשען; געוועלטיגען; בעהערשען, רעגירען; האבען די אויבערהאנד.

domina'tion *n.* (דאמ-אי-ניי'-שאן) אויבערהערשאפט.

dom'inator *n.* (דאמ'-אי-ניי-טאר) א הערשער, א געוועלטיגער.

do'mine *n.* (דאו'-מי-נע) א גייסטליכער.

domineer' *v.* (דאמ-אי-ניער') הערשען; בעל-הבית'עווען; אויפפיהרען זיך מעשה בעל-הבית; בושעווען, לארמען [אלס בעל-הבית].

domineer'ing *a.* (דאמ-אי-ניער'-אינג) בעפעהלענד, מעשה בעל-הבית.

domin'ical *n. and a.* (דא-מינ'-אי-קעל) אין דער קריסטליכער קירך — וואס געהערט צו גאט'ס טאג [זונטאג]; וואס איז שייך צו זונטאג; גאט'ס הויז, א קירך; א זונטאגדיגער מלבוש צו געהן אין קירך.

Domin'ican *n. and a.* (דא-מינ'-אי-קען) איינער וואס געהערט צו דעם קריסטליכען מאנאכען-ארדען דאמיניקאנער; וואס איז שייך צו די דאמיניקאנער; וואס איז שייך צו די "קארדינאלען" [א מין דרום-אמעריקאנישע פויגלען מיט טונקעל-גרויע פעדערען און מיט א העל-רויטען משוב אויף'ן קאפ].

dom'inie *n.* (דאמ'-אי-ני) א גלח, א גייסטליכער.

domin'ion *n.* (דא-מינ'-יאן) הערשאפט, געוועלטיגקייט, די מאכט, די הערשונג; די מלוכה; דאס לאנד אדער די לענדער וואס בעלאנגען צו א פערזאן אדער רעגיערונג.

dom'ino *n.* (דאמ'-אי-נאו) א דאמינא, א גלח'ישער ברייטער אויבער-מאנטעל מיט א קאפיושאן; א מאסקאראד-קלייד אין דער פארם פון א גלח'ישער דאמינא; איינער וואס טראגט א דאמינא; א האלבע מאסקע, מיט וועלכער פרויען פלעגען אמאל פערדעקען דאס פנים, פאהרענדיג אין וועגן; דאס דאמינא-שפיעל; א ביינדעל פון דאמינא-שפיעל.


Domino

dom'inoes *n.* (דאמ'-אי-נאוז) דאס דאמינא-שפיעל.

dom'inus *n.* (דאמ'-אי-נאס) דער הערר; דער טיטול פון א גייסטליכען אין די אמאליגע צייטען; אין געזעצגעבונג — אן אייגענטימער אדער בעזיצער פון א געוויסער זאך, אויף וועלכער ער האט א רעכט; אין מיטעלאלטער — א פריץ וואס ניט אב ערד צו זיינעם א וואסאל פאר געוויסע פערפפליכטונגען.

don *n. and v.* (דאן) דער שפאנישער טיטול "הערר": אן אדעליגער, א טיטולירטער; א וויכטיגע פערזענליכקייט [אירוניש]; אין ענגלאנד — א דאן, אן אוניווערזיטעטס-געלעהרטער; אנטהאן, אנקליידען, בעקליידען.

do'ña *n.* (דאו'-ניא) א דאנא, א מאדאם [אין שפאניש].

do'nate *v.* (דאו'-נייט) געבען, שענקען, מנדב זיין, ביישטייערען.
He donated his services to his party.

dona'tion *n.* (דא-ניי'-שאן) א נדבה, א מתנה, א געשענק, א ביישטייערונג; אן אפיציעלער דאקומענט, דורך וועלכען עטוואס ווערט געשענקט אדער געגעבען.

dona'tion-par'ty *n.* (דא-ניי'-שאן-פאר'-טי) א פערזאמלונג ביים גייסטליכען, ביי וועלכער עס ווערען געבראכט פרעזענטען פאר'ן גייסטליכען [דער מנהג עקזיסטירט, מייסטענס אין דערפער, אין אייניגע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. דער צוועק פון דיעזע פערזאמלונגען איז צו פערגרעסערען דעם גלח'ס קליינע שכירות].

don'ative *n. and a.* (דאנ'-ע-טיוו) א געשענק, א מתנה, א נדבה; געשענקט, בעשאנקען.

dôna'tor *n.* (דא-ניי'-טאר) איינער וואס איז מנדב אדער וואס שענקט עפעס.

do'naught *n.* (דו'-נאהט) א טויגעניכטס, א פוילענצער, א לעדיג-געהער.

done (דאן) 1. געטהאן, געמאכט; פארטיג, געענדיגט, פערפאלקאמט; 2. בעשלאסען, אנגענומען; 3. ערשעפט, אויסגעמאטערט; 4. ערפילט, פערעפענטליכט. ז. *do*
1. The work was done well.

done brown (דאן בראון) גוט געבראטען.

donee' *n.* (דאו-ניע') איינער וועמען מען שענקט עפעס; איינער וואס קריעגט בירושה לאנד-אייגענטום וואס קען קיינמאל ניט פערקויפט ווערען, נאר געהט איבער בירושה אין א געוויסער ארדנונג; איינער וועמען מען גיט איבער דאס רעכט אויף לאנד-אייגענטום [אלס פערטרעטער פון דעם אייגענטימער].

done up (דאן אפ) 1. שוין מעהר נישטא; פערשוואונדען; 2. גוט אנגעבראכען די ביינער.
2. He was done up in the fight.

Don Ju'an (דאן דזשו'-אן) א דאן זשואן, א דאמען-פריינד, איינער וואס לויפט נאך פרויען.

don'key *n.* (דאנ'-קי) אן עזעל; א שוטה, אן עזעל-קאפ, א נארישער עקשן.

don'key-en'gine *n.* (דאנ'-קי-ענ'-דזשין) א הילפס-דאמפף-מאשין [א קליינע דאמפף-מאשין, וועלכע ווערט געהאלטען אין רעזערוו אין פאל די הויפט-מאשין ווערט קאליע, אדער וועלכע ווערט געברויכט פאר גיט שווערער און וועניגער וויכטיגער ארבייט].

don'key-pump *n.* (דאנ'-קי-פאמפ) א הילפס-פומפ; א קליינע פומפ צום אנפילען א דאמפף-קעסעל.

don'key-race *n.* (דאנ'-קי-רייס) א וועט-לויף, ביי וועלכען עס געווינט ניט דער, ווער עס קומט צום ציעל דער ערשטער, נאר דער, ווער עס קומט דער לעצטער.

don'key-rest *n.* (דאנ'-קי-רעסט) אין פאפיער-פאבריקען — א ראהם, אויף וועלכער מען טריקענט דאס פאפיער.

don'na *n.* (דאנ'-א) א דאנא [איטאליענישער אדער פארטוגעזישער אויסדרוק פאר "מאדאם"].

don'nish *a.* (דאנ'-איש) וואס איז שייך צו א דאן [ז. *don*]; מעשה גרויסער מאן, מעשה גדול.

don'nism *n.* (דאנ'-איזם) דאס האלטען זיך מעשה גדול.

do'nor *n.* (דאו'-נאר) איינער וואס שענקט אדער איז מנדב; איינער וואס

שענקט אוועק לאנד-איינגעטום אויף דעם אופן, אז עס זאל ניט קענען פערקויפט ווערען, נאר זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; איינער וואס גיט איבער א צווייטען זיין מאכט אויף אייגענטום.

do'nothing *n. and a.* (דו'-נאטה-אינג) א טוינעניכטס, א פוילענצער; פויל, אונטהעטיג.

do'nothingness *n.* (דו'-נאטה-אינג-נעס) פוילקייט, אונטהעטיגקייט.

Don Quixo'te (דאן קי-האו'-טיי) א דאן קיכאט, א פאנטאזיאר, א נארישער, עהרליכער טרוימער: איינער וואס שלאגט זיך מיט ווינד-מיהלען [דאס איז דער נאמען פון דעם העלד פון א בעריהמטען ראמאן פון דעם שפאנישען שרייבער סערוואנטעס. דער ראמאן איז ערשיענען אין די יאהרען 1605—1615].

don'ship *n.* (דאנ'-שיפ) דאס האבען דעם ראנג פון א דאן. ז. ***don***

don't (דאונט) אן אבקירצונג פון ***do not***

don't men'tion it (דאונט מענ'-שאן איט) ניטא פאר וואס צו דאנקען.

doo'dle *n.* (דוה'דל) א פוילענצער; א טויגעניכטס; א נאר.

doo'dledoo (דוה'דל-דוה) קו-קו-רע-קו! [דאס קרעהען פון א האהן].

doo'dlesack *n.* (דוהדל'-סעק) א דודעלזאק [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט]. ז. ***bagpipe***

doom *n. and v.* (דוהם) א משפט, אן אורטייל; פעראורטיילונג; א שטראף-אורטייל; שיקזאל, מזל, גורל; פעראורטיילען; בעשטימען אלס שטראף.

doom'ful *a.* (דוהמ'-פול) שרעקליך, פערניכטענד, צושטערענד, פערפלוכט.

doom'-palm *n.* (דוהמ'-פאהם) די דום-פאלמע אדער פעכער-פאלמע [אזא פאלמע מיט פעכער-עהנליכע בלעטער, וואקסט אין אפריקא].



Doom-palm

dooms'day *n.* (דוהמז'-דיי) דער גערעכטס-טאג, דער יום הדין; דער לעצטער יום הדין, ווען די גאנצע וועלט וועט געמשפט ווערען; דער טאג פון טויט.

Dooms'day *n.* (דוהמז'-דיי) ז. ***Doomsday Book***

Dooms'day Book (דוהמז'-דיי בוק) א צענזוס-בוך וועגען די לאנד-בעזיצונגען אין ענגלאנד, צוזאמענגעשטעלט אויף'ן בעפעהל פון וויליאם דעם ערֹאבערער און פערענדיגט אין יאהר 1086 [דאס בוך ווערט אזוי גערופען, ווייל דאס וואס ווערט דארט אנגעגעבען איז בעטראכט געווען אלס ענדגילטיג און ענטשיידענד].

do one right (דו הוואן ראיט) זיין גערעכט צו אימעצען.

do one's best (דו הוואנז בעסט) טהאן דאס בעסטע וואס מען קען, אנווענדען אלע מעגליכקייטען.

do one's ease'ment (דו הוואנז איז'-מענט) זיך פערלייכטערען די לאגע.

do one's lev'el best (דו הוואנז לעוו'-על בעסט) טהאן אלעס וואס איז מעגליך.

do one's part (דו הוואנז פארט) דאס זייניגע אבטהאן.

door *n.* (דאור) א טהיר; אן אריינגאנג, אן ארויסגאנג, א דורכגאנג, אן עפענונג, א צוטריט.

door'-bar *n.* (דאור'-באר) א טהיר-ריגעל.

door'-bell *n.* (דאור'-בעל) א טהיר-גלעקעל.

door'-bolt *n.* (דאור'-באולט) ז. ***door-bar***

door'-case *n.* (דאור'-קיים) דאס טהיר-געשטעל, די ראהם פון א טהיר, די טהיר-איינפאסונג.

door'-chain *n.* (דאור'-טשיין) א קייטעל, מיט וועלכען מען פערקייטעלט א טהיר אזוי, אז זי קען זיך נאר עטוואס עפענען.

door'-frame *n.* (דאור'-פריים) די טהיר-ראהם.

door'-han'dle *n.* (דאור'-הענדל) דאס הענטעל פון א טהיר, א קליאמקע.

door'keeper *n.* (דאור'-קיע-פער) איינער וועלכער היט די טהיר אדער דעם אריינגאנג אין א הויז, א טהיר-וועכטער; אין די קאטוילישע קלויסטערם — דער טויער-וועכטער.

door'-knob *n.* (דאור'-נאב) ז. ***door-handle***

door'-knock'er *n.* (דאור'-נאק'-ער) א רינג אדער א שטיקעל אייזען וואס העגנט איבער דער טהיר אנצוקלאפען אין טהיר.

door'-latch *n.* (דאור'-לעטש) א טהיר-קליאמקע.

door'less *a.* (דאור'-לעס) אהן א טהיר; אהן א צוגאנג.

door'-mat *n.* (דאור'-מעט) א פוס-רייניגער [א מין ראגאזשע אדער דיקער קאוויאר וואס ליעגט נעבען טהיר כדי אבצואווישען דעם שמוץ פון די שיך ביים אריינגעהן].

door'-nail *n.* (דאור'-נייל) א טשוואק מיט א ברייטען קעפעל, וועלכער איז אריינגעשלאגען אין טהיר און אויף וועלכען מען קלאפט אן מיט דעם הענגענדען אייזערנעם קלאפער.

door'-plate *n.* (דאור'-פלייט) א בלעכעל אויף א טהיר, אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם, ווער עס וואהנט אין הויז.

door'-post *n.* (דאור'-פאוסט) דאס ביישטידעל פון א טהיר.

door'-pull *n.* (דאור'-פול) דאס הענטעל מיט וועלכען מען עפענט און פערמאכט א טהיר.

door'-scra'per *n.* (דאור'-סקריי'-פער) דער קראץ-אייזען ביים טהיר [אבצוקראצען די בלאטע פון די שיך].

door'-secur'er *n.* (דאור'-סי-קיור'-ער) א טהיר-שטאנג [צו פערשפארען די טהיר].

door'-sill *n.* (דאור'-סיל) א טהיר-שוועל.

door'-spring *n.* (דאור'-ספרינג) די טהיר-פעדער [אן אפאראט, אז די טהיר זאל זיך פון זיך אליין צומאכען].

door'-step *n.* (דאור'-סטעפ) די טרעפ פאר דער הויז-טהיר; די שוועל.

door'-stone *n.* (דאור'-סטאון) דער שטיין ביי דער שוועל פון טהיר.

door'-strip *n.* (דאור'-סטריפ) א פאס אדער א לייסט, מיט וועלכען די ברעגעס פון א טהיר זיינען ארומגעשלאגען, כדי ניט דורכצולאזען קיין ווינד בעת די טהיר איז פערמאכט.

door'wards *adv.* (דאור'-הווארדז) צו דער טהיר צו.

door'way *n.* (דאור'-הוויי) אין ארכיטעקטור — דאס ארט וואו די טהיר איז, דער אריינגאנג; די טהיר.

door'yard *n.* (דאור'-יארד) אן ארומגעצאמטער קליינער הויף ארום דער טהיר פון א הויז.

do o'ver (דו או'-ווער) ווידערהאלען, טהאן נאך אמאל; בעדעקען מיט פארב, אויסשמירען.

dope *n. and v.* (דאופ) א געדיכטע פליסיגקייט, ווי געדיכטע סאוס אדער טייג; דאס וואס מאכט גלאט אדער גליטשיג, ווי דאס שמירעכץ פון אן אקס; אפיום, בעזאנדערס דאס געדיכטע אפיום-טייג וואס ווערט געברויכט צום רויכערען; א נארקאטישער מיטעל, ווי האשיש, אפיום א. ד. ג.; א מענש וואס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון נארקאטישע מיטלען; קארמענען מיט רפואות.

dor *n.* (דאהר) אזא גרויסער שווארצער קעפער [זשוק] וואס איז בעקאנט מיט דעם גערויש וועלכען ער מאכט פליהענדיג.

Do'rian *n. and a.* (דאו'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם אלט-גריכישען דיסטריקט דארים; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון דארים; אן איינוואהנער פון דארים.

Dor'ic *n. and a.* (דאר'-איק) וואס איז שייך צו דעם אלט-גריכישען דיסטריקט דארים אדער צו די דארטיגע איינוואהנער, צו זייער קולטור, קונסט, שפראך א. ד. ג.; די דארישע שפראך [וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר ברייטער און הארטער אויסשפראכע]; א שפראך מיט א ברייטער און הארטער אויסשפראכע.

Dor'icism *n.* (דאר'-אי-סיזם) די אייגענטימליכקייט פון דעם דארישען שפראך-דיאלעקט.

Doric Order

Dor'ic or'der (דאר'-איק אהר'-דער) די דארישע זייל-ארדנונג, דער דארישער זייל [אן איינפאכער זייל אהן בעציערונגען און מיט איינשניטע אין דער לענג].

Do'rism *n.* (דאו'-ריזם) ז. ***Doricism***

dor'king *n.* (דאהר'-קינג) אזא גאטונג גרויסע היהנער וואס לעגען פיעל אייער און זייער פלייש האט א גוטען געשמאק.

dorm *n.* (דאהרם) א שלומער, א שלאף.

dor'mancy *n.* (דאהר'-מענ-סי) שלומער, רוה, שלאף.

dor'mant *a.* (דאהר'-מענט) שלומערענד, שלאפענד; שטיל; ליעגענדיג ווי אין שלאף.

dor'mant part'ner (דאהר'-מענט פארט'-נער) א שטילער שותף [אזעלכער וואס איז ניט טהעטיג].

dor'mer *n.* (דאהר'-מער) א שלאף=צימער; א דאך=פענסטער, א מאנסארדע פענסטער.

Dormer

dor'mer-win'dow *n.* (דאהר'-מער-הווינ'-דאו) א דאך=פענסטער, א מאנסארדע פענסטער.

dor'mitive *n. and a.* (דאהר'-מי-טיוו) וואס פערשלעפערט; א שלאף=מיטעל.

dor'mitory *n.* (דאהר'-מי-טא-רי) א שלאף=צימער; א טייל פון א האטעל, קאזארמע א. ז. וו. וואס בעשטעהט פון שלאף=צימערען.

dor'mouse *n.* (דאהר'-מאוס) די שלאף=מויז; די וועווערקע=מויז [אזא שעהן חיה'לע וואס שלאפט אין ווינטער. עס איז א ביסעל עהנליך צו א מויז, האט אבער א לאנגען האריגען עק].

Dormouse

dor'nick *n.* (דאהר'-ניק) א שטיקעל פון א פעלזען=שטיין; א שטיינדעל.

dorp *n.* (דאהרפ) א דערפעל.

dorsabdom'inal *a.* (דאהר-סעב-דאמ'-אי-נעל) וואס איז שייך צום רוקען און צום בויך.

dor'sad *adv.* (דאהר'-סעד) צום רוקען.

dor'sal *n. and a.* (דאהר'-סעל) וואס נעהערט צום רוקען; די רוקען=פלאספעדער פון א פיש.

dor'sally *adv.* (דאהר'-סעל-אי) אויף'ן רוקען; צום רוקען צו.

d'Orsay' *n.* (דאר-סיי') אזא קארעטע אויף פרוזשינעס.

dorse *n.* (דאהרס) א שטיק פערציערטע שטאף וואס ווערט בענוצט צו בעהענגען דעם לעהן פון א שטוהל; א יונגער שטאקפיש. ז. *cod*.

dor'sum *n.* (דאהר'-סאם) דער רוקען.

do'ry *n.* (דאו'-רי) העריננגס=קעניג אדער סט. פעטער'ס פיש, אזא פלאטשיגער ים=פיש מיט לאנגע פלאספעדערן אויף'ן רוקען; אזא קליין פלאטשיג פישער=שיפעל.

Dory

dose *n. and v.* (דאוס) א דאזע, א פארציאן; א בעשטימטער טייל פון א רפואה, וואס א חולה דארף איינגעהמען אדער איינשלינגען מיט איין מאל; אן אונאנגענעהמע זאך וואס מען דארף אראבשלינגען; די מאס פון דעם, וואס עס ווערט צוגעגעבען צו ויין [ווי סיראפ אדער קאניאק], כדי דער ווייז זאל בעקומען אן אנדער טעם; פאנאנדערטיילען אין דאזען אדער פארציאנען; געבען איינעם רפואות; פערפראווען וויין.

dosim'etry *n.* (דאו-סימ'-ע-טרי) דאס מעסטען דאזען אדער טראפען פון א רעצעפט.

doss *v.* (דאס) שטויסען מיט די הערנער; ווארפען, שליידערען; צאהלען.

dos'ser *n.* (דאס'-ער) רייכע בעציערונגען [ווי קאווארען א. ד. ג.] אויף די ווענד פון א קארידאר אדער קלויסטער.

dos'sil *n.* (דאס'-איל) א קנייטעל קארפע [צום היילען א וואונד]; א שפונט אין א פאס.

doss out (דאס אוט) נעכטיגען אונטער'ן פרייען הימעל.

dot *n. and v.* (דאט) א פונקט, א פינטעל; פונקטירען, מאכען פינטעלעך.

do'tage *n.* (דאו'-טיידזש) אלטקייט, עובר בטל, דאס קינדיש ווערען [אויף דער עלטער]; פערשטאנדלאזיגקייט; א וואהנזיניגע ליידענשאפטליכע ליעבע.

do'tal *a.* (דאו'-טעל) וואס געהערט צו נדן.

do'tard *n. and a.* (דאו'-טארד) איינער וואס ווערט קינדיש אויף דער עלטער; אן עובר בטל; איינער וואס איז וואהנזיניג פון ליידענשאפטליכער ליעבע; נאריש, ווי אן עובר=בטל.

do'tardly *a.* (דאו'-טארד-לי) ווי אן עובר=בטל, שוואך.

do'tardy *n.* (דאו'-טאר-די) דאס זיין אן עובר בטל.

dota'tion *n.* (דא-טיי'-שאן) נדן, חתונה=אויסשטאטונג, אויסשטייער; די בעשענקונג.

dote *v.* (דאוט) ווערען קינדיש אדער אונזיניג פון אלטקייט; זיין וואהנזיניג פערליעבט.

2. He dotes on his wife.

do'ter *n.* (דאו'-טער) דער נאריש=פערליעבטער.

do the con'tinent (דו טהי קאנ'-טי-נענט) בערייזען איירָאפא [אן אויסדרוק אין ענגלאנד און אין די פעראייניגטע שטאאטען].

do the polite' (דו טהי פא-לאיט') שפּיעלען די ראלע פון א העפליכען מענשען.

do'ting *a.* (דאו'-טינג) פערליעבט איבער די אויערען; קינדיש געווארען פון אלטקייט.

do'tingly *adv.* (דאו'-טינג-לי) מעשה נאר, נאריש, ווי א נאריש=פערליעבטער.

do'tish *a.* (דאו'-טיש) נאריש, שוואך; נאריש פערליעבט.

dot'ted *a.* (דאט'-עד) פונקטירט; נעפלעקט.

dot'ted line (דאט'-עד לאין) א פונקטירטע ליניע [א ליניע וועלכע בעשטעהט פון א רייה פונקטען].

dot'ted note (דאט'-עד נאוט) אין מוזיק — א נאטע וואס איז בעצייכענט מיט א פונקט.

dot'terel *n.* (דאט'-ער-על) דער בראך=פויגעל [א קליינער איירָאפּעאישער און אזיאטישער פויגעל, ביי וועלכען דער בויך איז שווארץ, די ברוסט איז געלב און קָער האלז איז ווייס און שווארץ. ער צייכענט זיך אויס דערמיט, וואס ער לאזט זיך לייכט ארייננארען און געפאנגען ווערען]; א מענש וואס לאזט זיך לייכט ארייננארען, א טיפש.

dot'-wheel *n.* (דאט'-הוויעל) א צייהן=רעדעל מיט א הענטעל [ווערט בענוצט אין בוכבינדעריי און ביי אנדערע מלאכות].

doub'le *n., a., adv. and v.* (דאבל) דאפעלט, געדאפעלט, צווייפאך; צוויי מאל אזוי פיעל; דאפעלזיניג, צווייזייטיג; פאלש, צווייזייטיג; בעטריגעריש; שווינדלעריש; דאס דאפעלטע; א דופליקאט, א קאפיע; עטוואס וואס האט דעמזעלבען אויסזעהן ווי אן אנדער זאך; צווייזייטיגקייט; פאלשקייט; א שווינדעל; א דריידעל; דער געשפענסט פון א מענשען וואס בעווייזט זיך צו איהם אליין אדער צו אן אנדערען אלס א צייכען פון טויט, ווי דאס פאלק גלויבט; א זייטען=שפרונג, א זייטען=ווענדונג [ביים אנטלויפען, אז דער נאכיאגער זאל ניט קענען כאפען]; א ווידערהאלונג פון ווערטער אין א ליעד; דאפלען, פערדאפלען; ווידערהאלען, איבער'חזר'ען נאך אמאל; זיך פערדאפלען; ארומשיפען, ארומזעגלען מיט א שיף; פערמאכען די האנד; מאכען א זייטען=שפרונג אין לויפען; מאכען פאלשקייטען אדער דריידלעך.

doub'le-ac'ting *a.* (דאבל'-עק'-טינג) דאפעל=ווירקענד [ווענען א קראפט וואס ווירקט אין צוויי ריכטונגען].

doub'le back (דאבל בעק) צוריקשלאגען; נעבען חזרה [קלעפ].

doub'le-bank *v.* (דאבל'-בענק) ארביי=טען פארוויז [בעזאנדערס רודערען פארוויז].

doub'le-bar'reled *a.* (דאבל'-בער'-עלד) צוויי=לויפיג [פון א ביקס אדער פיסטאלעט וואס ווערט געלאדען מיט צוויי קוילען]; וואס האט א דאפעלטע ווירקונג.

doub'le-bass *n.* (דאבל'-בייס) א קאנ=טרא=באס, א באנדורא.

doub'le blow on blow (דאבל בלאו אן בלאו) נעבען א קלאפ נאך א קלאפ.

doub'le bot'tom (דאבל באט'-אם) א דאפעלטער דעק.

doub'le-breas'ted *a.* (דאבל'-ברעס'-טעד) צוויי=בארטיג [ווענען א בגד וואס האט צוויי רייהען קנעפ און קנעפ=לעכער, אז מען זאל איהם קענען שפילען רעכטס און לינקס].

doub'le-broo'ded *a.* (דאבל'-ברוה'-דעד) וואס געבערט צוויי מאל יעהרליך [ווענען אינזעקטען].

doub'le-charge *v.* (דאבל'-טשארדזש) נעבען א דאפעלטען חלק.

doub'le-chin *n.* (דאבל'-טשין) א צוויי=גארנדיגע מארדע, א מארדע מיט א נוידער.

doub'le-dea'ler *n.* (דאבל'-דיע'-לער) א בעטריגער, א שווינדלער.

doub'le-dea'ling *n. and a.* (דאבל'-דיע'-לינג) בעטרוג, שווינדעל; בעטריגעריג, שווינדלענדיג.

doub'le-deck'er *n.* (דאבל'-דעק'-ער) א שיף מיט צוויי דעקען [עטאזשען] איינער איבער דעם אנדערען; א טראמוואי=וואגען מיט צוויי עטאזשען; א הויז וואו עס וואהנען צוויי שכנים אויף איין עטאזש.

doub'le down the leaf (דאבל דאון טהי ליעף) פערבוינען דאס בלאט [פון א בוך].

doub'le-dye *v.* (דאבל'-דאי) איבער־פארבען צוויי מאל.

doub'le-dyed *a.* (דאבל'-דאיד) צוויי מאל איבערגעפארבט; דורכגענומען דורך און דורך, פאלשטענדיג, כפל־שמונה'דיג.

doub'le-ea'gle *n.* (דאבל'-איגל) אן אמעריקאנער גאלדענע מטבע פון 20 דא־לאר; דער צוויי־קעפיגער אדלער [ווי ער ווערט בענוצט אלס הערב אין רוסלאנד און עסטרייך].

doub'le-edged *a.* (דאבל'-עדזשד) מיט צוויי שארפען, צוויי־שניידיג; צווידייטיג.

doub'le-en'der *n.* (דאבל'-ענ'-דער) עטוואס וואס האט צוויי גלייכע עקען.

doub'le enten'dre (דוהבל אנ-טאנ'דר) א ווארט אדער פראזע וואס האט צוויי בע־דייטונגען.

doub'le en'try (דאבל ענ'-טרי) דאפעל־טע בוכפיהרונג [די מעטאדע אין בוכפיה־רונג, וואו יעדע האנדעלס־אפעראציאן ווערט פערצייכענט אין די ביכער אי אלס קרעדיט אי אלס דעביט].

doub'le-eyed *a.* (דאבל'-איד) קוקענ־דיג מיט ביידע אויגען; היטענדיג ווי א גנב.

doub'le-face *n.* (דאבל'-פייס) צוויי־פנים'דיגקייט, צביעות, היפאקריטסטווע.

doub'le-faced *a.* (דאבל'-פייסט) וואס האט צוויי פנים'ער; וואס ביידע זייטען זיינען בעארבייט [ווי געוויסע טוך וואס מען קען טראגען פון ביידע זייטען]; צוויי־פנים'דיג, היפאקריטיש.

doub'le-fa'cedness *n.* (דאבל'-פיי-סעד-נעס) צוויי־פנים'דיגקייט, צבוע'טסטווע, היפאקריטסטווע.

doub'le-first *n.* (דאבל'-פוירסט) אין אקספארדער אוניווערזיטעט — איינער וואס קריעגט דעם העכסטען גראד אויף דעם עקזאמען פאר מאטעמאטיק און קלא־סישע ליטעראטור.

doub'le-flow'ered *a.* (דאבל'-פלאו'-ערד) וואס האט דאפעלטע בלומען [ווענען פלאנצען].

doub'le-gild *v.* (דאבל'-גילד) דאפעלט פערגאלדען; בעשיטען מיט חניפות.

doub'le-han'ded *a.* (דאבל'-הענ'-דעד) צוויי־הענדיג, מיט צוויי גריפען.

doub'le-head'ed *a.* (דאבל'-הער'-עד) צוויי־קעפיג.

doub'le-head'er *n.* (דאבל'-הער'-ער) אן אייזענבאהן־צוג וואס ווערט געשלעפט פון צוויי לאקאמאטיוועז.

doub'le-hear'ted *a.* (דאבל'-האר'-טעד) דאפעל־הערציג, פאלש, ניט אויפריכ־טיג [בלב ולב].

doub'le-lock *v.* (דאבל'-לאק) צוויי מאל פערשליסען, צוויי מאל איבערדרע־הען דעם שליסעל; פערשליסען מיט צוויי שלעסער.

doub'le-man *n.* (דאבל'-מען) אין דער קעמברידזשער אוניווערזיטעט — איינער וואס איז א קענער אי אין מאטעמאטיק, אי אין דער קלאסישער ליטעראטור.

doub'le-manned *a.* (דאבל'-מענד) מיט א דאפעלטער מאנשאפט [ווי אויף א שיף].

doub'le-mea'ning *a.* (דאבל'-מיע'-נינג) צוויי־דייטיג, דאפעל־זיניג; שווינד־לעריש, וואס נארט.

doub'le-min'ded *a.* (דאבל'-מאינ'-דעד) אונענטשלאסען; וואס שלאגט זיך מיט דער דעה.

doub'le-min'dedness *n.* (דאבל'-מאינ'-דער-נעס) אונענטשלאסענהייט, אונ־שטאנדהאפטיגקייט.

doub'le-na'tured *a.* (דאבל'-ניי'-טשורד) פון א צוויי־פאכיגער נאטור.

doub'leness *n.* (דאבל'-נעס) דאפעלט־קייט; צוויי־זייטיגקייט; כיטרעקייט; שווינדלעריי.

doub'le one's legs (דאבל הוואנז לעגז) פערלעגען א פוס אויף א פוס.

doub'le one's self up (דאבל הוואנז סעלף אפ) זיך צוזאמענקארטשען, זיך צו־נויפבויגען.

doub'le ques'tion (דאבל קהוועס'-טשאן) א פראגע וואס איז געשטעלט אויף יא אדער ניין, צ. ב.: "איז פילאזאפיע וויכטיג, אדער איז עס ניט?"

doub'le-quick *n., a., adv. and v.* (דאבל'-קהוויק) דער שנעל־שריט [ביים מושטירען סאלדאטען]; וואס איז שייך צו שנעל־שריט, ווי שנעל שריט; זעהר שנעל; מיט שנעל־שריט; מארשירען מיט שנעל־שריט.

doub'ler *n.* (דאב'-לער) א פערדאפלער; אן עלעקטריציטעטס־פערדאפלער [אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום דעמאנסטרירען קליינע קוואנטיטעטען עלעקטריציטעט].

doub'le refrac'tion (דאבל רי-פרעק'-שאן) דאס צווייענדיגע ברעכען פון שטראה־לען [ווען זיי געהען דורך א קריסטאל].

doub'le-salt *n.* (דאבל'-סאהלט) דאפעל־זאלץ [א כעמישער געמיש פון צוויי זאל־צען, ווי צ. ב. אלוין].

doub'le-shade *v.* (דאבל'-שייד) דא־פעלט פערטונקלען, דאפעלט פערפינסטע־רען.

doub'le-shi'ning *a.* (דאבל'-שאי'-נינג) וואס שיינט מיט א דאפעלטען גלאנץ.

doub'le-shot *v.* (דאבל'-שאט) לאדען א הארמאט מיט א דאפעלטער מאס שיס־מאטעריאל.

doub'le-stop *v.* (דאבל'-סטאפ) אין וויאלין־שפיעלען — אנדריקען מיט די פינגער צוויי סטרונעס מיט אמאל.

doub'le-stop'ping *n.* (דאובל'-סטאפ'-פינג) אין וויאלין שפיעלען — דאס שפיע־לען אויף צוויי סטרונעס, וועלכע ווערען מיט איין מאל אנגעדריקט מיט די פינ־גער.

doub'let *n.* (דאב'-לעט) א דאפעל־שטיק, איינער פון א גלייכער פאר; א פאר; אזא קאמזויל, וואס איז געטראגען געווא־רען אין 17טען יאהרהונדערט.

doub'le the file (דאבל טהי פאיל) צו־זאמענשליסען די רייהען [אין מושטירונג פון סאלדאטען].

doub'le the fist (דאבל טהי פיסט) מאכען א קולאק [א פויסט].

doub'le the reins (דאבל טהי ריינז) מאכען פערשיעדענע שפרונגען אראבצוא־ווארפען דעם רייטער [ווענען פערד].

doub'le-thread'ed *a.* (דאבל'-טהרעד'-עד) נייהענדיג מיט א דאפעלטען פאדים [ווי א נייה־מאשין]; האבענדיג דאפעלטע גווינטען [ווענען שרויפען].

doub'le-tongued *a.* (דאבל'-טאנגד) וואס דרעהט מיט'ן צונג [זאגענדיג היינט אזוי און מארגען אנדערש]; פאלש, ניט אויפריכטיג.

doub'lets *n.* (דאב'-לעטס) אזא שפיעל אין ווירפלער; צוויי גלייכע ווירפלער.

doub'ling *n. and a.* (דאב'-לינג) דאס דאפלען, דאס צונויפלעגען אין צווייען; עטוואס וואס איז צונויפגעלעגט אין צוויי־ען; א פאלט, א פאלב; געהענדיג פון איין ארט אויף'ן צווייטען, מאנעווריר־ענ־דיג.

doub'ling-frame *n.* (דאב'-לינג-פריים) אזא מאשין צו וויקלען זייד־פאדים.

doubloon' *n.* (דאב-לוהן') אן אלטע שפאנישע גאלדענע מטבע [אין דעם ווערטה פון 5 אמעריקאנער דאלאר].

doub'ly *adv.* (דאב'-לי) צוויי דאפעלט, צוויי מאל אזוי פיעל; אויף א שווינדלערישען אדער בעטריגערישען אופן; מיט צוויי־פנים'דיגקייט.

doubt *n. and v.* (דאוט) צווייפעל, ספק; צווייפלען, זיין אין ספק.

doub'table *a.* (דאו'-טעבל) צווייפעל־האפט.

doub'ter *n.* (דאו'-טער) א צווייפלער.

doubt'ful *a.* (דאוט'-פול) צווייפעל־האפט, צווייפלענדיג.

doubt'fully *adv.* (דאוט'-פול-אי) אויף א צווייפעלהאפטען אופן; אין ספק.

doubt'fulness *n.* (דאוט'-פול-נעס) צווייפעלהאפטיגקייט; דאס צווייפלען.

doub'ting *a.* (דאו'-טינג) צווייפלענדיג.

doub'tingly *adv.* (דאו'-טינג-לי) מיט צווייפעל, אין ספק.

doubt'less *a. and adv.* (דאוט'-לעס) אונצווייפעלהאפט; וואהרשיינליך; אהן א ספק.

doubt'lessly *adv.* (דאוט'-לעס-לי) אונ־צווייפעלהאפט, אהן א ספק.

douceur' *n.* (דוה-סויר') א געשענק, טרינקגעלד, א כאבארעל; א קאמפלימענט.

douche *n.* (דוהש) א טוש, א וואסער־שויער; א שפריצער, אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען מאכט א טוש.

dough *n. and v.* (דאו) 1. די מטבע, מזומן; 2. טייג; עטוואס וואס איז ענה־ליך צו טייג; מאכען טייג.

2. He is out for the dough.

dough'-baked *a.* (דאו'-בייקט) ניט־דערבאקען.

dough'-brake *n.* (דאו'-בריק) א מא־שין צו מאכען טייג.

dough'face *n.* (דאו'-פייס) א שוואכער, נאכגעבינער כאראקטער; א לעמעשקע [אין דער צייט פון די שטרייטיגקייטען צוליעב דער שקלאפעריי־פראגע אין די פעראייניגטע שטאאטען — א פאליטיקער אין די נארד־שטאאטען, וואס האט געהאל־טען מיט די שקלאפען־האלטער פון די זיד־ליכע שטאאטען].

dough'faced *a.* (דאו'-פייסט) וואקלענ־דיג, וואס האט א שוואכען כאראקטער, נאכגעביג, לעמעשקעוואטע.

ז. *doughface*

dough'faceism *n.* (דאו'-פיי-סיזם) וואקעלדיגקייט, כאראקטערלאזיגקייט, דאס זיין א לעמעשקע. ז. *doughface*

dough'-hear'ted *a.* (דאו'-האר'-טעד) ווייכהערציג.

dough'iness *n.* (דאו'-אי-נעס) טייג־ארטיגקייט; דאס זיין טייגיג.

dough'-knea'ded *a.* (דאו'-ניע'-דעד) ווייך; ווייך ווי טייג.

dough'-knea'der *n.* (דאו'-ניע'-דער) ז. *dough-brake*

dough'-ma'ker *n.* (דאו'-מיי'-קער) ז. *dough-brake*

dough'nut *n.* (דאו'-נאט) א טייגעל אדער קליין קיכעל געפרעגעלט אין פעטס.

dough'tily *adv.* (דאו'-טי-לי) מיט מוטה, מיט טאפפערקייט, מיט קראפט; בעריהמענדיג זיך מיט דעם מוטה אדער מיט דער קראפט.

dough'tiness *n.* (דאו'-טי-נעס) מוטה, טאפפערקייט, מעכטיגקייט; דאס בעריה־מען זיך מיט דעם מוטה אדער מיט דער קראפט.

dough'ty *a.* (דאו'-טי) שטארק, קרעפ־טיג, מעכטיג, מוטיג, טאפפער; בעריהמענ־דיג זיך מיט דעם מוטה אדער מיט דער קראפט.

dough'ty-han'ded *a.* (דאו'-טי-הענ'-דעד) קרעפטיג, מעכטיג.

dough'y *a.* (דאו'-אי) טייגיג, ווייך, ניט־דורכבאקען.

Dou'ma *n.* (דו'-מא) ז. *Duma*

do up (דו אפ) 1. אויפהויבען, עפענען; איינבינדען, איינוויקלען אדער איינפאקען; איבערשפאליערען אדער איבערקאלכען [א צימער]; אויספרעסען; מאכען א פרי־זור [פערקאמען די האר]; 2. אנברעכען די ביינער.

2. At the time of the quarrel they threatened to do him up.

do up brown (דו אפ בראון) מאכען גוט אין אלע פרטים; גוט אנברעכען די ביינער.

do up the hair (דו אפ טהי העהר) מאכען א פריזור [אויסריכטען די האר, זיך פערקאמען].

The fashions of doing up the hair of women are constantly changing.

douse *n. and v.* (דאוס) א ווארף טהאן אין וואסער; זיך א ווארף טהאן אין וואסער; א קלאפ טהאן; פלוצלונג און שנעל נאכלאזען די זעגעל פון א שיף; אויסלע־שען; א קלאפ.

dout *v.* (דאוט) אויסלעשען.

dou'ter *n.* (דאו'-טער) א קאלפאק אויס־צולעשען ליכט.

dove *n.* (דאוו) א טויב.

dove'-col'or *n.* (דאוו'-קאל'-אר) טוי־בען־גרויער קאליר.

dove-cot *n.* (דאוו-קאט) ז. *dove-cote*

dove'-cote *n.* (דאוו'-קאוט) א טויבען־שלאג, א טויבען־הויז.

dove'-eyed *a.* (דאוו'-איד) וואס האט טויבען־אויגען; וואס האט מילדע, צארטע, גוטע אויגען.

dove'-house *n.* (דאוו'-האוס) ז. *dove-cote*

dove'let *n.* (דאוו'-לעט) א טייבעלע.

dove'-like *a.* (דאוו'-לאיק) טויבענאר־טיג, זאנפט, צארט, מילד.

dove'ling *n.* (דאוו'-לינג) ז. *dovelet*

dove'-plant *n.* (דאוו'-פלענט) אזא צענטראל־אמעריקאנישע ארכידעען־פלאנצע.

dove'ship *n.* (דאוו'-שיפ) טויבענאר־טיגקייט, זאנפטקייט, צארטקייט, מילדקייט, אונשולד.

dove'tail *n. and v.* (דאוו' - טייל) דער שוואלבען־עק [די אויס־געהאקטע דריי־קאנטיגע שלעסער אין ברעטער איינצושליסען איינע אין די אנדערע]; איינ־שליסען מיט דער הילף פון א שוואלבען־עק; ריכטיג צופאסען, גוט איינשליסען; שטארק פעראייניגען.



Dovetails

dove'tail-mol'ding *n.* (דאוו'-טייל-מאול'-דינג) אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אין דער פארם פון זיגזאגען אדער שוואלבען־עקען, ז. *dovetail*

dove'tail-saw *n.* (דאוו'-טייל-סאה) א זעג צו שניידען זיגזאגען אדער שוואל־בען־עקען, ז. *dovetail*

dov'ish *a.* (דאוו'-איש) אונשולדיג ווי א טויב.

dow'able *a.* (דאו'-עבל) וואס דארף אדער איז בערעכטיגט בעשענקט צו ווע־רען אדער צו בעקומען אויסשטייער.

dow'ager *n.* (דאו'-ע-דזשער) אן אלמנה, וואס בלייבט ביי איהר פערשטארבענעם מאנ'ס מיטול אדער פערמעגען [ווענען די פרויען פון קעניגע אדער פון מענשען מיט א הויכען ראנג].

dow'ager duch'ess (דאו'-ע-דזשער דאטש'-עס) די הערצאגין־מוטער.

dow'ager em'press (דאו'-ע-דזשער-עמ'-פרעס) די קייזערין־מוטער.

dow'ager queen (דאו'-ע-דזשער קהוויען) די קעניגין־אלמנה, די קעניגין־מוטער [די מוטער פון הערשענדען קע־ניג, וועלכע איז די אלמנה פון דעם פער־שטארבענעם קעניג].

dow'dy *n. and a.* (דאו'-די) א שלומ־פערקע, אן אבנעלאזענע פרוי; שמוציג, אבנעלאזען, פערשלומפערט.

dow'dyish *a.* (דאו'-די-איש) אבנעלא־זען, שמוציג, ווי א שלומפערקע.

dow'dy-pe'riod *n.* (דאו'-די-פי'-רי-אד) די קונסט עפאכע אין דער מאלעריי פון די פיערציגער און פופציגער יאהרען פון 19טען יאהרהונדערט.

dow'el *n. and v.* (דאו'-על) א הילצערן פלעקעל; א הילצערנער אדער מעטאלע־נער צאפען אדער פלעקעל, מיט וועלכען מען פעראייניגט צוויי שטיקער האלץ, שטיין א. ד. ג.; בעפעסטיגען אדער צו־זאמענהאלטען מיט אזא צאפען אדער פלע־קעל.

dow'el-joints *n.* (דאו'-על-דזשאינטס) פעראייניגונגען מיט דער הילף פון צא־פענס אדער פלעקעלער.



Dowel-joints

do well (דו וועל) האבען ערפאלג.

I am about to enter business and expect to do well.

dow'er *n. and v.* (דאו'-ער) דער פרוי'ס נדן, אויסשטאטונג אדער אויסשטייער; די ירושה וואס אן אלמנה קריעגט נאך'ן מאנ'ס טויט; נאטירליכע גאבע, נאטירליכע פע־היגקייטען אדער טאלענט; אויסשטאטען, אויסשטייערען, געבען נדן; איינטיילען, בעשענקען; מאכען בעגאבט [פון דער נא־טור].

dow'ered *a.* (דאו'-ערד) אויסגעשטא־טעט, בעשאנקען, בעזארגט מיט אויסשטיי־ער אדער נדן.

dow'erless *a.* (דאו'-ער-לעס) וואס האט ניט קיין אויסשטייער אדער נדן; ארעם.

dow'ery *n.* (דאו'-ער-אי) ז. *dowry*

do with (דו וויטה) אנווענ־ דען, אהינטהאן, געברויכען; האנדלען; האבען נעשעפ־טען; אנגעהן.

do without' (דו וויטה-אוט') זיך בעג־ געהן אהן עפעס.

dow'las *n.* (דאו'-לעס) לעדער־לייוועגט [אזא גראבע לייוועגט].

down *n., v., a., adv. and prep.* (דאון) אן אנגעטראגענע זאמד־בערגעל ביים ברעג פון ים; א נאקעטער, ניט בעוואקסענער פלאץ אויף דעם שפיץ פון א בארג; א רונד בערגעל; אן עטוואס בערגיגע ניט בעוואקסענע געגענד; פוך [ביי פויגעל, מענשען און פלאנצען]; א בעוועגונג ארונטער־צו; א נידריגער צושטאנד; ארונטערווארפען, אראבווארפען, אומוואר־פען; שטירצען, בעזיעגען, אונטערטעניג מאכען; ענטמוטיגען; זינקען, פאלען; זיין אנגעהמבאר, זיין בעגלויבענסווערטה; וואס געהט ארונטער; וואס איז געריכטעט ארונטער־צו; נידערגעשלאגען; ארונטער, אראב, אין א ליעגענדען צושטאנד; אויף א נידריגער מדרגה; ביים בעדען; צום באדען; אין האנד, במזומן; אויף פא־פיער, אין בוך; אויף'ן פלאץ, אין דער לאגע, ביי דער בעשעפטיגונג; פון א הע־כערען גראד צו א נידריגערען; אונטער דעם געוועהנליכען צושטאנד; אונטער דעם האריזאנט; פון אן אויסגאנגס־פונקט אראב־צו; פון דעם פריהערינען צום שפע־טערען; אין א געוויסער ארדנונג אדער ריכטונג.

down'-bed *n.* (דאונ'-בעד) א פוך־פערינע; א ווייך בעט.

down'cast *n. and a.* (דאונ'-קעסט) ארונטערגעלאזען, וואס געהט ארונטער; נידערגעשלאגען; א נידערגעשלאגענער בליק; אן עפנונג אין א שאכט, דורך וועל־כער עס קומט אריין פרישע לופט.

down'castness *n.* (דאונ'-קעסט-נעס) נידערגעשלאגענהייט.

down'come *n.* (דאונ'-קאם) דאס ארונ־טערפאלען, דאס ארונטערשטירצען; א פלוצלונגער, שווערער פאל; חורבן, צו־שטערונג, אונטערגאנג.

down'-draft *n.* (דאונ'-דרעפט) ז. *down-draught*

down'-draught *n.* (דאונ'-דרעפט) א שטראם לופט ארונטער־צו; א שווערע משא.

down'draw *n.* (דאונ'-דראה) ז. *down-draught*

down'-east *a.* (דאונ'-איסט) וואס קומט פון די נארד־אסט טיילען פון ניי־ענגלאנד [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע־ריקא, הויפטזעכליך פון דעם שטאאט מיין].

down'-eas'ter *n.* (דאונ'-איס'-טער) אן איינוואהנער פון די נארד־אסט טיילען פון ניי־ענגלאנד [אין די פעראייניגטע שטאא־טען פון אמעריקא, הויפטזעכליך פון דעם שטאאט מיין].

downed *a.* (דאונד) פוכיג, אנגעפילט מיט פוך.

down'fall *n.* (דאונ'-פאהל) דאס א פאל, אראבפאלען, דאס זינקען, דאס פערשווינ־דען, צושטערונג, פערניכטונג, אונטערגאנג, חורבן; א פאסטקע, א פאל־נעץ [א פאסט־קע ביי וועלכער א שווערע משא פאלט אראב אויף דער חיה און קלעמט זי איין].

down'fallen *a.* (דאונ'-פאהלן) נעפאלען, נידערגעשטירצט; רואינירט.

down'-feath'er *n.* (דאונ'-פעטה'-ער) א פוכפעדער; א קליין פעדערעל.

down'hearted *a.* (דאונ'-האר-טעד) נידערגעשלאגען, מוטלאז.

down'hill *a.* (דאונ'-היל) וואס געהט בארג־אראב; וואס איז נעבויגען אדער גע־נייגט ארונטער־צו.

down in the dumps (דאון אין טהי דאמפס) ז. *down in the mouth*

down in the mouth (דאון אין טהי מאוטה) נידערגעשלאגען, אויף צרות.

down'less *a.* (דאונ'-לעס) וואס האט

נאך ניט קיין פוך אויף'ן פנים; וואס האבען נאך ניט קיין סמן פון א בארד; יונג.

down'-line *n.* (דאונ'-לאין) די אייזענבאהן-ליניע פון אדער נאך לאנדאן [ענגלאנד].

down'looked *a.* (דאונ'-לוקט) נידערגעשלאגען, טרויעריג, מרה-שחורה'דיג.

down'lying *n. and a.* (דאונ'-לאי-אינג) רוה-צייט; קינפעט-צייט; זיך אוועקלעגענדיג זיך אבצורוהען; זיך לעגענדיג אין קינפעט.

down on one's knees (דאון אן הוואנז ניעז) אונטערטהעניג אדער אונטערגעווארפען.

down on the knuck'le (דאון אן טהי נאקל) ארונטערגעקומען, געווארען א יורד.

down'pour *n.* (דאונ'-פאור) אן אראבגוס, אן אראבשטורץ; א שלאגס-רעגען.

down'-razed *a.* (דאונ'-רייזד) אראבגעריסען ביז צום גרונד.

down'right *adv. and a.* (דאונ'-ראיט) גראד אראב; פערפענדיקולאר; אפענהערציג; אהן צערעמאניעס; דייטליך; גענצליך, דורך און דורך; גלייך אויף דער שטעלע, ניט אבגעלענט.

down'rightness *n.* (דאונ'-ראיט-נעס) אפענהערציגקייט.

down'right shame (דאונ'-ראיט שיים) אן אמת'ער בזיון, א פאלשטענדיגע שאנדע.

down'-share *n.* (דאונ'-שעהר) אזא אקער-אייזען צום ברעכען טארף-ערד.

down'sitting *n.* (דאונ'-סיט-אינג) דאס זיצען; רוה.

down'some *a.* (דאונ'-סאם) מעלאנכאליש, אראבגעפאלען פון מוטה.

down'-stairs *adv. and a.* (דאונ'-סטעהרז) נאך אונטען, טרעפ-ארונטער; אראב-צו; אויף'ן אונטערשטען עטאזש; אונטען.

down'-stream *adv.* (דאונ'-סטריעם) שטראם אראב, אין דער ריכטונג פון שטראם.

down'-stroke *n.* (דאון'-סטראוק) דער צוריקגאנג פון קאלבען [ביי דאמפף-מאשינען].

down the coun'try (דאון טהי קאנ'-טרי) צום ים-צו, צום פלאץ, וואו א טייך גיסט זיך אריין אין ים.

down the riv'er (דאון טהי ריוו'-ער) מיט'ן שטראם.

down the wind (דאון טהי הווינד) מיט דעם ווינד.

down to a point (דאון טו ע פאינט) קומען צום תוכן פון דער זאך, קומען צו דער אונטערשטער שורה, קומען צום ריכטיגען פונקט.

down'-town *n.* (דאון'-טאון) אראב-שטאדט, דער אלטער טייל פון שטאדט; דער געשעפטס-טייל פון א שטאדט.

down'-train *n.* (דאון'-טריין) דער אייזענבאהן-צוג וואס געהט אב פון שטאדט [אן אויסדרוק געברויכט אין ענגלאנד פאר אן אייזענבאהן-צוג וואס געהט אב פון לאנדאן].

down'trod *a.* (דאונ'-טראד) געטראטען מיט די פיס; טיראניזירט, אונטערדריקט.

down'trodden *a.* (דאונ'-טראדן) ז. *downtrod*.

down upon' one's luck (דאון א-פאן' הוואנז לאק) אונגליקליך, אין א שלעכטער לאגע, אין א געלד-פערלעגענהייט.

down'ward *adv. and a.* (דאונ'-הווארד) נידערווערטס, אראב-צו; געהענדיג, בעוועגענדיג זיך אדער נייגענדיג זיך אראב-צו.

down'wards *adv.* (דאונ'-הווארדז) נידערווערטס, אראב-צו.

downweigh' *v.* (דאונ-הוויי') אראבוועגען.

down with him! (דאון הוויטה הים) נידער מיט איהם!

down with the dust! (דאון הוויטה טהי דאסט) דאס געלד אויף'ן טיש!

dow'ny *a.* (דאו'-ני) פוכיג, ווייך; בעדעקט מיט פוך, געמאכט פון פוך; וואס האט פוך.

dow'ry *n.* (דאו'-רי) נדן, אויסשטייער.

dowse *n. and v.* (דאוס) ז. *douse*.

doxolog'ical *a.* (דאקס-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס געהערט צו א לויב-געזאנג אדער א שבח צו גאט.

doxol'ogize *v.* (דאקס-אל'-א-דזשאיז) געבען א לויב אדער א שבח צו גאט.

doxol'ogy *n.* (דאקס-אל'-א-דזשי) א לויב-געזאנג אדער א שבח צו גאט.

dox'y *n.* (דאקס'-אי) א מעטרעסע, א געליעבטע.

doy'ley *n.* (דאי'-לי) אזא זארט וואלען-שטאף; א קליינע פערציערטע סערוועטקע וואס ווערט געגעבען צוזאמען מיט דעסערט.

doze *n. and v.* (דאוז) דרעמלען; שלומערען; א דרעמעל.

doz'en *n.* (דאזן) א דוצענד.

do'zer *n.* (דאו'-זער) א דרעמלער, א פערשלאפענער.

do'ziness *n.* (דאו'-זי-נעס) שלעפעריגקייט.

do'zy *a.* (דאו'-זי) שלעפעריג.

D. P. ראשי תבות פון די ווערטער *Doctor of Pharmacy* [דאקטאר פון פארמאקאלאגיע].

Dr. אן אבקירצונג פון *doctor* אדער *debtor*.

drab *n., v. and a.* (דרעב) א גאסען-הור, א פראסטיטוטקע; שטעהן אין פערבינדונג אדער זיך חבר'ען מיט א גאסען-הור; אזא זארט דיקער וואלען-שטאף פון געלב-גרויער פארב; א געלב-גרויע שאטירונג; פון געלב-גרויען קאליר.

drab'bing *n.* (דרעב'-אינג) דאס פיהרען געזעלשאפט אדער זיך חבר'ען מיט א גאסען-הור.

drab'bish *a.* (דרעב'-איש) ווי א גאסען-הור; פון געלב-גרויען קאליר.

drab'ble *n. and v.* (דרעבל) מאכען שמוציג, בעשמוצען מיט בלאטע; פערשלומפערען אין בלאטע; שמוציגע מענשען.

drab'bler *n.* (דרעב'-לער) א קליינער ביי-זעגעל פון א שיף.

drachm *n.* (דרעם) ז. *drachma*.

drach'ma *n.* (דרעק'-מא) א דראכמע [אן אלטע גריכישע געוויכט-איינהייט וואס איז גלייך ⅛ אונץ. אין דעם איצטיגען גריכענלאנד — איין גראם]; א גריכישע זילבערנע מטבע וואס האט אונגעפעהר דעם ווערטה פון 19½ אמעריקאנער סענט.

dra'co *n.* (דריי'-קאו) א שיין וואס בעווייזט זיך אפט אין פייכטע בלאטיגע געגענדען.

Dra'co *n.* (דריי'-קאו) מזל עקרב [א געוויסער שטערען-בילד אין דער אלטער אסטראנאמיע]; דראקאן, דער אלט-גריכישער געזעץ-געבער, וועלכער האט געלעבט אין 7טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס. דראקאן'ס געזעצע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער שטרענגקייט און אכזריות.

Draco'nian *a.* (דרע-קאו'-ני-ען) דראקאניש, שטרענג, גרויזאם, אכזריות'דיג [וועגען געזעצען, נאך דעם נאמען פון דעם אלט-גריכישען געזעצגעבער דראקאן [ז. *Draco*]; וואס איז שייך צו דראקאן'ס געזעצען; וואס איז שייך צום מזל עקרב.

Dracon'ic *a.* (דרע-קאנ'-איק) ז. *Draconian*.

Dracon'ically *adv.* (דרע-קאנ'-אי-קעל-אי) אויף א דראקאנישען אדער אכזריות'דיגען אופן.

draff *n.* (דרעף) אבפאל, פאמויניצע.

draff'y *a.* (דרעפ'-אי) ווי א פאמויניצע, ווי אבפאל.

draft *n. and v.* (דרעפט) א געלד-אנווייזונג; דאס צייכנען; א סקיצע, א פלאן, א צייכנונג; דאס שלעפען אדער ציהען; דאס וואס ווערט געצויגען אדער געשלעפט; א משא; דאס ציהען וואסער פון א קוואל אדער פליסיגקייט פון א געפעס; דאס טרינקען; א טרונק; א רעקרוטען אדער סאלדאטען-אבטיילונג; די טיעפקייט פון וואסער וואס א שיף האט נויטיג; א לופט-צוג; א לופט-שטראם; צייכנען, סקיצירען; מאכען א פלאן, פראיעקטירען; נעהמען רעקרוטען; דורכווארפען דעם פאדים דורך די ליצען [ביים וועבען].

draft'-an'imal *n.* (דרעפט'-ענ'-אי-מעל) א לאסט-טהיער [ווי א פערד, אן אקס, אן עזעל א. ד. ג., וועלכע ווערען בענוצט צו פיהרען משא].

draft'-cat'tle *n.* (דרעפט'-קעטל) לאסט-טהיערע. ז. *draft-animal*.

draft'-hole *n.* (דרעפט'-האול) א צוג-לאך [א לאך אין א שמעלץ-אויווען דורך וועלכער עס קומט אריין לופט].

draft'-horse *n.* (דרעפט'-הארס) א לאסט-פערד.

draft'-ox *n.* (דרעפט'-אקס) א לאסט-אקס [אן אקס צום פיהרען משא].

drafts'man *n.* (דרעפטס'-מען) א צייכנער.

drafts'manship *n.* (דרעפטס'-מענ-שיפ) דאס צייכנען, די צייכען-קונסט.

draf'ty *a.* (דרעפ'-טי) וואס איז שייך צו א לופט-צוג, וואס האט א לופט-צוג.

drag *n. and v.* (דרעג) שלעפען, זוכען מיט א האקען אדער שטעקען [אין וואסער]; כאפען פיש מיט א שלעפ-נעץ; רייניגען מיט א האקען [א דאק אדער טייך]; זוכען, נישטערען; זיך שלעפען; עטוואס וואס ווערט געשלעפט אדער איז בעשטימט געשלעפט צו ווערען [ווי א שלעפ-נעץ, א האקען, מיט וועלכען מען זוכט אין וואסער אדער מיט וועלכען מען רייניגט א דאק אדער א טייך; א שיף וואס ווערט געשלעפט פון א צווייטער שיף; א הארפון, עטוואס וואס פערהאלט ווי א ברעמזע אדער טארמאז, א שלעפ-וואגען א. ד. ג.]; דאס שלעפען; דאס שלעפען זיך; דער גערוך-שפור פון א פוקס; אן איינברעכער-אינסטרומענט אויפצוברעכען אן אייזערנעם געלד-שראנק; א רעקע; אזא קארעטע.

drag along' (דרעג ע-לאהנג') 1. שלעפען; 2. שלעפען זיך מיט מאטערניש.
1. The child **drags along** the sled. 2. The case **dragged along** in the courts for many years.

drag an'chor (דרעג ענ'-קאר) שלעפען דעם אנקער, זיך בעוועגען פעראנקערטערהייד [וועגען א שיף].

drag a wretch'ed life (דרעג ע רעטש'-עד לאיף) פיהרען אן עלענד לעבען.

drag'-bar *n.* (דרעג'-באר) א קופעלשטאנג, אן אייזערנער שטאנג וואס פעראייניגט פראכטוואגאנען אדער דעם לאקאמאטיוו מיט דעם טענדער [די אבטיילונג אין אן אייזענבאהןצוג, וואו מען האלט דאס וואסער און די קויהלען]; א שטאנג, וואס בעפעסטיגט די קופעלשטאנגען וואגאנען.

drag'-boat *n.* (דרעג'-באוט) א ריינינגונגסשיף [א שיף וואס דיענט אויסצוראמען זאמד פון א טייך].

drag'-bolt *n.* (דרעג'-באולט) א פערדרוק, א שטאנג, וואס בעפעסטיגט די וואגאנען. ז. ***drag-bar***

drag'-chain *n.* (דרעג'-טשיין) א קייט וואס פעראייניגט צוויי לאקאמאטיווען, פראכטוואגאנען אדער א לאקאמאטיוו מיט'ן טענדער [די אבטיילונג אין אן אייזענבאהןצוג, וואו מען האלט דאס וואסער און די קויהלען].

dragged out (דרעגד אוט) אבגעמאטערט, מיעד.

drag'gle *v.* (דרעגל) שלעפען אין בלאטע; בעשמוצען; זיך איינריכטען אין בלאטע.

drag'gletail *n.* (דרעג'ל-טייל) א פערשלומפערטער מענש; א שלומפער.

drag'gletailed *a.* (דרעג'ל-טיילד) מיט א שלומפער, פערשלומפערט.

drag'gly *a.* (דרעג'-לי) בעשמוצט, איינגעריכט אין בלאטע.

drag in (דרעג אין) אריינשלעפען, אריינברייננען [ווי למשל, א זייטיגען פונקט אין א געשפרעך], כאטש עס איז ניט נויטיג אדער ניט פאסיג.

drag'-link *n.* (דרעג'-לינק) א צוגשטאנג אין א דאמפףמאשין.

drag'man *n.* (דרעג'-מען) א פישער וואס כאפט פיש מיט א שלעפנעץ.

drag'-net *n.* (דרעג'-נעט) א שלעפנעץ [צו כאפען פיש].

drag'oman *n.* (דרעג'-א-מען) א דאלמעטשער, אן איבערזעצער.

drag'on *n. and a.* (דרעג'-אן) א דראכען, אן עקדיש, א פאבעלהאפטע חיה אויף פיער פיס מיט פליגלען; א שלעכטער, בייזער מענש; קייזערסאלאט [אזא פלאנצע]; וואס איז שייך צו א דראכען.

Dragon

dragonade' *n.* (דרעג-א-נייד') דאס איינקווארטירען דראגונערסאלדאטען אין די פראטעסטאנטישע הייזער וואס לואי דער 14טער פון פראנקרייך [אין יאהר 1681] האט איינגעפיהרט אלס א בעשטראפונג פאר די פראטעסטאנטען אין פראנקרייך; אן עקזעקוציע פון סאלדאטען.

drag'onet *n.* (דרעג'-אנ-עט) א קליינער דראכען; א מין פיש; אזא גרויסער עקדיש.

drag'on-fly *n.* (דרעג'-אן-פלאי) די דראכעןפליעג [א גרויסער אינזעקט מיט צוויי פאר לאנגע פליגלען. פליהט ארום מייסטענס אין פייכטע ערטער נעבען טייכלעך און בלאטעס].



Dragon-fly

drag'onish *a.* (דרעג'-אנ-איש) ווי א דראכען אדער שלאנג.

drag'onlike *a.* (דרעג'-אנ-לאיק) ווי א דראכען; פייערדיג, גיפטיג.

drag'on's-blood *n.* (דרעג'-אנז-בלאד) א מין טונקעלרויטע גומי [רעזינע].

drag'on's-head *n.* (דרעג'-אנז-העד) דער שלאנגענקאפ [א פלאנצע, וואס איהר שפיץ זעהט אוים ווי דער קאפ פון א דראכען].

drag'on-tree *n.* (דרעג'-אנ-טריע) דער דראכענבוים [זעהר א גרויסער בוים, וואקסט אויף די קאנארישע אינזלען. צייכענט זיך אוים דערמיט, וואס פון איהם נעהמט זיך די טונקעלרויטע גומי אדער רעזינע].

Dragon-tree

dragoon' *n. and v.* (דרע-גוהן') א דראגונער, א רייטענדער סאלדאט; איבערגעבען צו דראגונער, אונטערדריקען מיט א בעוואפענטער מאכט; פערפאלגען און בעאונרוהיגען דעם שונא דורך אפטע אנפאלען.

drag'-sheet *n.* (דרעג'-שיעט) א מין שווימענדער אנקער אין דער פארם פון א פיערעקיגער פלאטע, וועלכער דערלאזט ניט, אז דער שטראם זאל אבטראגען די שיף.

drags'man *n.* (דרעגז'-מען) איינער וואס פיהרט א וועגעל אדער א טאטשקע; א גנב וואס לויפט הינטער א וואגען אראבצוכאפען דעם באגאזש.

drag through mire (דרעג טהרוה מאיר) בעשמוצען, אויסוואלגערען אין שמוץ.

drain *n. and v.* (דריין) אויסלעערען, אבציהען דאס וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען; אויסצעהרען א פליסיגקייט טראפענווייז, פילטרירען; אויסלעדיגען [א גלאז, א בעכער א. ד. ג.]; דרענירען אדער טריקענען דעם באדען דורך אראבלאזען דאס וואסער; אבלויפען; ווערען ביסלעכווייז אבגעצאפט אדער אויסגעצעהרט; דאס אויסצעהרען אדער אויסלעדיגען; דאס פילטרירען; דאס דרענירען אדער טרוקען מאכען דעם באדען דורך אראבלאזען דאס וואסער; די קאנאווע אדער דער טרויב דורך וועלכען דאס וואסער לויפט אראב; דער גראבען אדער קאנאל, דורך וועלכען צושמאלצענע מעטאלען פליסען פון שמעלץאויווען צום פורעם; אין כירורגיע — דער זאנד, דורך וועלכען מען צאפט ארוים מאטעריע אדער אייטער פון א טיעפער וואונד.

drai'nable *a.* (דריי'-נעבל) וואס קען אויסגעלעערט, אבגעצוינגען אדער אויסגעטריקענט ווערען.

drai'nage *n.* (דריי'-נעדזש) דאס אבצאפען אדער אראבלאזען דאס וואסער; א סיסטעם פון טרויבען און קאנאלען נעצויגען ארום און אונטער דעם באדען צו טריקענען איהם; דער באדען וואס ווערט געטריקענט דורך אזא סיסטעם; אין כירורגיע — דאס ארויסציהען די מאטעריע פון א טיעפער וואונד.

drai'nage-ba'sin *n.* (דריי'-נעדזש-בייסן) דער באסיין פון א טייך [דאס גאנצע שטיק לאנד וואו עס פליסט א געוויסער טייך מיט אלע זיינע צווייגען, ד. ה. מיט אלע קלענערע טייכען און טייכלעך וואס פאלען אין איהם אריין].

drai'ner *n.* (דריי'-נער) דער אבלייטער, דער וואס ציהט אראב אדער צאפט אויס א פליסינקייט; איינער וואס טריקענט דעם באדען דורך אראבציהען דאס וואסער; דער גראבען אדער דער קאנאל וואס ציהט אראב דאס וואסער.

drai'ning-plow *n.* (דריי'-נינג-פלאו) א מין אקעראייזען צו מאכען רינעס אבצוציהען דאס וואסער.

drai'ning-tile *n.* (דריי'-נינג-טאיל) א טייל פון אן אבצונגסרעהר [דורך וועלכער עס ווערט אבגעצויגען דאס וואסער פון באדען].



Draining-tile

drain one's purse (דריין הוואנז פוירס) אויסלעדיגען אימעצענס בייטעל.

drain on resour'ces (דריין אן רי-סאור'-סעז) הוצאות ניט נאך דער קעשענע.
My increased expenses are a drain on my resources.

drain'-pipe *n.* (דריין'-פאיפ) אן אבצונגסרעהר, די רעהר אדער דער טרויב, דורך וועלכען עס ווערט ארבגעצויגען דאס וואסער.

drain the cup of mis'ery (דריין טהי קאפ אוו מיז'-ער-אי) אויסטרינקען ביז'ן דעק דעם בעכער פון יסורים.

drain'-tile *n.* (דריין'-טאיל) א מין ציגעל, וואס ווערט געברויכט ביים מאכען רינעס דורך וועלכע דאס וואסער ווערט ארבגעצויגען; א טייל פון אן אבצונגסרעהר. ז. ***draining-tile***

drain'-trap *n.* (דריין'-טרעפ) אן אפא-

ראט אדער פארריכטונג אין א קאנאליזאציאנס=רעהר ניט ארויסצולאזען פון דארטען די שטינקענדע לופט בעת עס גיסט זיך אהין וואסער.

drake *n.* (דרייק) א קאטשער [דער זכר פון קאטשקעס, ענטלעך]; אן ענגלישע זילבערנע מטבע [א שילינג] פון די צייטען פון עליזאבעט; א מין דראכען=פליעג. ז. ***dragon-fly***

dram *n. and v.* (דרעם) א דראכמע, א געוויכט וואס איז $\frac{1}{8}$ פון אן אונץ; א טרונק בראנפען; נעהמען אדער געבען א טרונק בראנפען.

dra'ma *n.* (דרא'-מא) דראמא [א פאעטישע פערפאסונג, וועלכע שטעלט פאר א געוויסע פאסירונג ניט אין דער פארם פון אן ערצעהלונג, נאר אין דער פארם פון געשפרעכען, האנדלונגען און טהאטען פון די פערזאנען, וועלכע נעהמען אנטייל אין דיזער פאסירונג]; א שוישפיעל, א טעאטער=שפיעל.

dramat'ic *a.* (דרע-מעט'-איק) דראמאטיש, וואס געהערט צו א שוישפיעל אדער דראמא.

dramat'ically *adv.* (דרע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א דראמאטישען שטייגער.

dramat'ic au'thor (דרע-מעט'-איק אה'-טהאר) א דראמאטורג, איינער וואס פערפאסט דראמען.

dram'atis perso'næ (דרעמ'-ע-טיס פויר-סאו'-ני) די פערזאנען פון א דראמא אדער שוישפיעל.

dram'atist *n.* (דרעמ'-ע-טיסט) דער פערפאסער פון א שוישפיעל אדער דראמא.

dram'atizable *a.* (דרעמ'-ע-טאי-זעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין א דראמא; וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין דער פארם פון א דראמא.

dram'atize *v.* (דרעמ'-ע-טאיז) דראמאטיזירען, פארשטעלען אין דער פארם פון א דראמא; פערוואנדלען אין א דראמא אדער שוישפיעל.

dram'aturge *n.* (דרעמ'-ע-טוירדזש) א דראמאטורג, א דראמען=פערפאסער.

dramatur'gic *a.* (דרעמ-ע-טויר'-דזשיק) דראמאטיש, סצעניש, ביהנענמעסיג; ניט ווירקליך.

dram'aturgist *n.* (דרעמ'-ע-טויר-דזשיסט) א דראמען=שרייבער, א דראמאטורג; איינער וואס פיהרט אויף א דראמא.

dram'aturgy *n.* (דרעמ'-ע-טויר-דזשי) די דראמאטישע קונסט; די וויסענשאפט און די קונסט צו פערפאסען אדער צו געבען שוישפיעלען; א טעאטראלע פארשטעלונג.

dram'-drin'ker *n.* (דרעמ'-דרינ'-קער) דער שנאפס=טרינקער.

dram'-drin'king *n.* (דרעמ'-דרינ'-קינג) דאס נעהמען א טרונק בראנפען.

dram. pers. אן אבקירצונג פון ***dramatis personæ***

dram'-shop *n.* (דרעמ'-שאפ) א שיינק.

drank (דרענק) געטרונקען. ז. ***drink***

drap d'été' (דרע דיי-טיי') א לייכטע וואלענע צייג פאר זומער=קליידער.

drape *v.* (דרייפ) דראפירען, בעהענגען מיט טוך, איינוויקלען אין טוך; מאכען טוך.

dra'per *n.* (דריי'-פער) א טוך=הענדלער; איינער וואס מאכט אדער פערקויפט טוך.

dra'peress *n.* (דריי'-פער-עס) א טוך=הענדלערקע.

dra'peried *a.* (דריי'-פער-איד) בעהאנגען מיט טוך; בעזארגט מיט פארהאנגען.

dra'pery *n. and v.* (דריי'-פער-אי) טוך=האנדעל; טוך=וואארען; פארהאנגען; בעהענגען מיט טוך אדער פארהאנגען.

dras'tic *n. and a.* (דרעס'-טיק) שטארק; שטארק ווירקענד; א רפואה וואס ווירקט שנעל [הויפטזעכליך אן אבפיהרונגס=מיטעל].

The police took **drastic** measures to protect the law.

draught *n. and v.* (דרעפט) ז. ***draft***

draught'-ale *n.* (דרעפט'-אייל) ביער פון פאס.

draught'-beer *n.* (דרעפט'-ביער) ז. ***draught-ale***

draught'-board *n.* (דרעפט'-באורד) א שאך=ברעט.

draught'-en'gine *n.* (דרעפט'-ענ'-דזשין) א פומפ=מאשין.

draught'-horse *n.* (דרעפט'-הארס) ז. ***draft-horse***

draught'-ox *n.* (דרעפט'-אקס) ז. ***draft-ox***

draught'-play'er *n.* (דרעפט'-פליי'-ער) איינער וואס שפיעלט אין דאמקעס.

draught'-por'ter *n.* (דרעפט'-פאר'-טער) ז. ***draught-ale***

draughts *n.* (דרעפטס) דאס דאמקעס=שפיעל.

draught'ship *n.* (דרעפט'-שיפ) דאס צייכענען.

draughts'man *n.* (דרעפטס'-מען) ז. ***draftsman***

draw *v. and n.* (דראה) ציהען, שלעפען, פיהרען, ארויסשלעפען, ארויסציהען, אריינשלעפען, אריינציהען, צוציהען; ארויסציהען דעם זאפט, אנציהען [ווי טהעע]; אויסציהען, אנציהען, אנלאקען, מיטשלעפען; ארויסרופען, ארויסצווינגען; שעפען, אויסשעפען, אויסלעדיגען; צווינגען ארויסצוגעהן פון בעהעלטעניש [יאגד=חיות]; צווינגען ארויסצוקומען מיט אפענע דבורים אדער מיט א סוד; צייכענען, סקיצירען, אנווארפען א פלאן [אין ווערטער אדער צייכנונגען]; אויסמאכען אפיציעלע דאקומענטען אדער א געלד=אנווייזונג; פאדערען א געוויסע טיפעניש צו קענען שווימען [וועגען שיפען]; ווירקען; ווירקען אלס מעדיצין; ציהען א קארט; זיך שלעפען, זיך ציהען; זיך בעוועגען; ציהען די שווערד; פאדערען; דאס שלעפען, דאס ציהען; עטוואס וואס ווערט געשלעפט אדער געפיהרט; דער טייל פון א בריק וואס ציהט זיך ארויף=צו אדער אן א זייט; א וועט=לויף וואס ענדיגט זיך דערמיט, אז קיינער געווינט ניט; אויסדעהנונג פון אן אייזערנעם שטאנג ביים שמיעדען; דאס ארויסצווינגען יאגד=טהיערע פון זייער בעהעלטעניש; דאס אנלאקען; דאס ציהען ביי איינעם א צונג; דאס זיצען אין וואסער [וועגען שיפען].

draw a bead on (דראה ע ביעד אן) צילעווען.

draw a bill (דראה ע ביל) אויסשטעלען א געלד=אנווייזונג.

draw'able *a.* (דראה'-עבל) וואס קען געצויגען אדער געשלעפט ווערען.

draw a bow (דראה ע באו) אנציהען א בויגען [צום שיסען].

draw a cov'er (דראה ע קאוו'-ער) ארויסטרייבען יאגד=טהיערע פון זייער בעהעלטעניש.

draw a distinc'tion (דראה ע דיס-טינק'-שאן) מאכען אן אונטערשיעד.

The law draws a distinction between intentional and unintentional crimes.

draw a game (דראה ע גיים) מאכען א שפיעל אדער וועט=לויף אונענטשיעדען, ענדיגען אזוי, אז קיינער געווינט ניט.

draw a groan (דראה ע גראון) א קרעכץ טהאן.

draw a house (דראה ע האוס) ציהען א גרויסען עולם.

draw a line (דראה ע לאין) ציהען ביי זיך א גרענעץ, בעשליסען ביי זיך ניט אריבערצוטרעטען א געוויסען גרענעץ; צייכנען א ליניע.

draw along' (דראה ע-לאהנג') ווייטער געהן; ווייטער שלעפען זיך; ווייטער שלעפען.

draw an in'ference (דראה ען אינ'-פער-ענס) דרינגען [פון עפעס].

draw a par'allel (דראה ע פער'-ע-לעל) ציהען א פאראלעל, פערגלייכען, מאכען א פערגלייך.

draw asun'der (דראה ע-סאנ'-דער) צורייסען, צוטרענען, צוטיילען, אבשיידען.

draw atten'tion (דראה ע-טענ'-שאן) ציהען אויפמערקזאמקייט.

draw away' (דראה ע-הוויי') אוועקציהען, אבציהען, אוועקנעהמען, פערפיהרען.

draw'back *n.* (דראה'-בעק) א צוריקשטויס, א שטערונג, אן אבהאלט; א צוריק=צוג; דאס צוריק אויסגעצאהלטע געלד [ווי למשל: דאס אקציז=געלד וואס מען קריעגט פון דער רעגיערונג, ווען די בעשטייערטע וואארע ווערט ארויסגעפיהרט נאך אויסלאנד; דאס טאריף געלד, וואס ווערט צוריקגעצאהלט פון דער רעגיערונג, ווען די אימפארטירטע סחורה ווערט צוריק ארויסגעפיהרט; אדער די פראצענטען, וואס איינער קריעגט צוריק, ווען ער צאהלט מיט מזומן געלד].

draw back (דראה בעק) צוריקקריעגען, זיך צוריקציהען, צוריקרופען.

draw back'ward (דראה בעק'-הווארד) ז. ***draw back***

draw'-bar *n.* (דראה'-באר) אן אייזערנער שטאנג וואס פעראייניגט וואגאנען אדער לאקאמאטיווען; א פעררוקער אדער ריגעל אין א צאם אדער ביי א דורכפאהר; א שלאגבוים.

draw'-beam *n.* (דראה'-ביעם) אן אטשעפ, א שווירטום, א ברונעם=שוואונגשטאנג [דער באלאנס=שטאנג פון א ברונעם].

draw beer (דראה ביער) אבצאפען ביער.

draw blood (דראה בלאד) לאזען בלוט; צובלוטיגען; שטארק קעמפפען.

draw breath (דראה ברעטה) ציהען דעם אטהעם.

draw'bridge *n.* (דראה'-ברידזש) א ציה=בריק [א בריק וואס מען קען אויפהויבען און אראבלאזען אדער וואס מען קען עפענען, אום דורכצולאזען שיפען].

draw compar'isons (דראה קאמ-פער'-אי-סאנז) מאכען פערגלייכע.

draw conclu'sions (דראה קאנ-קלו'-זשאנז) ציהען שליסע.

draw consola'tion (דראה קאנ-סא-ליי'-שאן) נעפינען א טרייסט [אין עפעס]; זיך טרייסטען [מיט עפעס].

draw'-cut *n.* (דראה'-קאט) אן איינשניט.

draw cuts (דראה קאטס) ציהען קניפלעך, בעשליסען עטוואס על פי גורל [צי-

הענריג שטעקעלעך אדער שטרויעלעך פון פערשיעדענער לענג].

draw dry (דראה דראי) אויסשעפען; אויסבייטלען; מאכען פאר א קבצן.

drawee' *n.* (דראה-אי') איינער, אויף וועמען איז אנגעוויזונג אדער וועקסעל ווערט אויסגעמאכט.

draw'er *n.* (דראה'-ער) איינער וואס ציהט, שלעפט אדער שעפט; איינער וואס ציהט צו; איינער וואס מאכט אויס אן אנגעוויזונג אדער א וועקסעל; א שופלאד.

draw'ers *n.* (דראה'-ערז) אונטערהויזען, גאטקעס.

draw from life (דראה פראם לאיף) צייכענען פון נאטור.

draw'-game *n.* (דראה'-גיים) ז. *drawn game*

draw'-gear *n.* (דראה'-גיער) שפאן-געצייג פון א לאסט-פערד [ווי דער כאמוט, שלייעס א. ד. ג.]; דער האקען אדער דער אפאראט, מיט וועלכען וואגאנען ווערען צוגעטשעפעט איינער צום צווייטען.

draw in (דראה אין) אריינשלעפען, אריינציהען, צוציהען, צוזאמענציהען, קאנצענטרירען [די קרעפטען]; איינציהען [די צוים פון א פערד]; צונויפציהען [די ליפען]; פערקלענערען; זאמלען; אנלאקען.

draw in a bill (דראה אין ע ביל) איינמאנען, איינקאלעקטירען א חוב.

draw'ing *n.* (דראה'-אינג) א צייכנונג; דאס צייכענען; דאס ציהען; דאס צוציהען.

draw'ing and redraw'ing (דראה'-אינג ענד רי-דראה'-אינג) דאס דרעהען זיך אין האנדעל מיט וועקסלען.

draw'ing-block *n.* (דראה'-אינג-בלאק) א שפולע וואס וויקעלט אויף זיך ארויף די אויסגעצויגענע דראט.

draw'ing-board *n.* (דראה'-אינג-באורד) דאס צייכען-ברעט [א ברעט אויף וועלכען עס איז אויסגעלעגט דאס פאפיער צום צייכענען].

draw'ing-book *n.* (דראה'-אינג-בוק) א בוך פון צייכנונגען; א בוך צום צייכענען.

draw'ing-chalk *n.* (דראה'-אינג-טשאהק) צייכען-קרייד [קרייד צום צייכענען].

draw'ing-com'pass *n.* (דראה'-אינג-קאמ'-פעס) א צירקעל צום צייכענען.

draw'ing in cray'on (דראה'-אינג אין קריי'-אן) א פאסטעל-צייכנונג, א קרייאן-צייכנונג. ז. *crayon*

draw'ing in wa'ter-col'ors (דראה'-אינג אין וואה'-טער-קאל'-ערז) אקווארעל צייכנונג [א צייכנונג וואס ווערט געמאכט מיט וואסער-פארבען און ניט מיט אויל-פארבען].

draw'ing-knife *n.* (דראה'-אינג-נאיף) א באנדער הובעל, א סטרוג [אזא מעסער מיט צוויי אויסגעבויגענע הענטלעך פון ביידע זייטען].

draw'ing-mas'ter *n.* (דראה'-אינג-מעס'-טער) א לעהרער פון צייכענען.

draw'ing-mill *n.* (דראה'-אינג-מיל) א דראט-פאבריק.

draw'ing of a bill (דראה'-אינג אוו ע ביל) דאס אויסשטעלען א וועקסעל.

draw'ing-on' *n.* (דראה'-אינג-און') דער שלוס, די פאלגערונג.

draw'ing-out' *n.* (דראה'-אינג-אוט') דאס אויסשפינען, דאס אויסציהען דראט.

draw'ing-pa'per *n.* (דראה'-אינג-פיי'-פער) צייכען-פאפיער.

draw'ing-pen *n.* (דראה'-אינג-פען) רייס-פעדער [א פעדער צום צייכענען].

draw'ing-pen'cil *n.* (דראה'-אינג-פענ'-סיל) א צייכען-בלייפעדער.

draw'ing-pin *n.* (דראה'-אינג-פין) א טשוועקעלע מיט א ברייט קעפעל צו בעפעסטיגען דאס פאפיער צום צייכען-ברעט.

draw'ing-room *n.* (דראה'-אינג-רוהם) א זאאל אויפצונעהמען געסט; די געזעלשאפט וואס קלייבט זיך צונויף אין א גאסט-זאאל; אן אפיציעלע געסט-אויפנאהמונג אין דעם ענגלישען געריכטס-הויז; א צימער צום צייכענען.

draw'ing-room car (דראה'-אינג-רוהם קאר) א לוקסוס וואגאן [אן אייזענבאהן-וואגאן מיט ספעציעלע בעקוועמליכקייטען].

draw'ing-school *n.* (דראה'-אינג-סקוהל) א צייכען-שוהלע [א שוהלע וואו מען לערענט צייכענען].

draw'ing-ta'ble *n.* (דראה'-אינג-טייבל) א טיש צום צייכענען.

draw'ing-up' *n.* (דראה'-אינג-אפ') דאס שאפען, דאס פערפאסען.

draw in'terest (דראה אינ'-טער-עסט) טראגען פראצענטען.

Money deposited in a savings bank draws interest.

draw in'to form (דראה אינ'-טו פארם) בריינגען אין דער געהעריגער פארם.

draw it mild (דראה איט מאילד) מאך עס געלאסען, בערוהיג זיך.

drawl *n.* and *v.* (דראהל) ציהען די ווערטער אין ריידען; א געצויגענע אויסשפראכע.

draw'ling *a.* (דראה'-לינג) ציהענדיג די ווערטער; ריידענדיג מיט א געצויגענער אויסשפראכע.

draw'lingly *adv.* (דראה'-לינג-לי) ציהענדיג די ווערטער.

draw'lingness *n.* (דראה'-לינג-נעס) א לאנגזאמע, אויסגעצויגענע אויסשפראכע.

draw'-link *n.* (דראה'-לינק) דער אייזען אדער דער האקען וואס פערבינדט צוויי וואגאנען.

draw lots (דראה לאטס) ציהען א גורל.

drawn *a.* (דראהן) אונבעשלאסען, אונבעשטימט [ווען אין קאמפף אדער שטרייט האט קיינער פון די שטרייטענדע צדדים ניט געוואונען]; ארויסגענומען די איננעווייד; פאנאנדערגעלאזט, צושמאלצען; צוזאמענגענומען, צוזאמענגעקליבען [אין געהען]; ארויסגעצויגען [ווענען א שווערד וואס איז ארויסגעצויגען פון שייד].

drawn bat'tle (דראהן בעטל) אן אונענטשיעדענע שלאכט [א מלחמה אין וועלכער קיינער האט ניט געוואונען].

draw'-net *n.* (דראה'-נעט) א מין נעץ צו פאנגען גרויסע פויגלען.

drawn fox (דראהן פאקס) א פוקס געיעצט פון יאגד-הינד.

drawn game (דראהן גיים) א שפיעל אין וועלכען קיינער האט ניט געוואונען.

draw nigh (דראה נאי) זיך דערנעהנטערען.

drawn sails (דראהן סיילס) אנגעצויגענע זעגלען.

draw out (דראה אוט) אויסציהען, אויסברייטערן, פערלענגערען, פערגרעסערען; ארויסציהען, ארויסנעהמען, אויסלערנען; ארויסציהען [דעם זאפט, דעם עסענץ, דעם אינהאלט, דעם תוך]; אבטיילען; ארויסקריגען; אויסשטעלען אין ארדנונג; ציהען א צונג; צווינגען ארויסצוגעהן מיט קלארע דבורים.

draw out a par'ty (דראה אוט ע פאר'-טי) פאנאנדערטיילען חיל.

draw out of the way (דראה אוט אוו טהי וויי) אבראמען פון וועג, בעזייטיגען.

draw o'ver (דראה או'-ווער) אריבערציהען, אריבערלאקען, אבציהען; דיסטילירען.

draw'-plate *n.* (דראה'-פלייט) אזא שטאהל-פלאטע מיט נעדרילטע לעכער וואס ווערט געברויכט ביים פאבריצירען דראט.

draw'-po'ker *n.* (דראה'-פאו'-קער) פאוקער [א מין קארטען-שפיעל].

draw tears (דראה טיערז) ברייננען צו טרעהרען.

draw the cur'tain (דראה טהי קויר'-טען) ארויפציהען דעם פארהאנג, אנהויבען די פארשטעלונג [אין טעאטער].

draw the long bow (דראה טהי לאהנג באו) איבערטרייבען, דערצעהלען גוזמאות.

draw the stumps (דראה טהי סטאמפס) ארויסציהען די דרעטלעך פון דער ערד [אין קריקעט שפיעל], ענדיגען דעם שפיעל. ז. *cricket*

draw the sword (דראה טהי סאורד) ציהען דעם שווערד; אנפאנגען דעם קריעג.

draw the veil (דראה טהי וויל) עטוואס ווערען פערדעקען אדער פערבארגען.

draw to (דראה טו) זיך דערנעהנטערען, זיך אנשליסען.

draw to a close (דראה טו ע קלאוז) זיך נעהנטערען צום ענד.

draw to a head (דראה טו ע העד) אנרייסען, אנציהען [ווענען א געשווילעכסם].

draw togeth'er (דראה טו-געטה'-ער) ציהען צוזאמען [ביי פערד]; האלטען צוזאמען; קומען צו א הסכם.

draw to'ward (דראה טאו'-ארד) ז. *draw to*

draw up (דראה אפ) זיך אויפהויבען; זיך אויסשטעלען אין געוויסער ארדנונג; זיך אבשטעלען; זיך שטאלץ וועקשטעלען; אויסמאכען אן אפיציעלען דאקומענט.

draw up in bat'tle line (דראה אפ אין בעטל לאין) אויסשטעלען [די ארמעע] ווי אין א מלחמה.

draw up the mouth (דראה אפ טהי מאוטה) מאכען א קרומע מינע, פערקרימען דאס מויל.

draw'-well *n.* (דראה'-הוועל) א ברונעם מיט א שווירטום אדער אטשעפ [ז. *draw-beam*]; אן אלטמאדישער קאסטען וואו מען פלעגט האלטען קאסטבארע זאכען.

draw wool o'ver eyes (דראה הוואל או'-ווער איז) שיטען זאמד אין די אויגען.

dray *n.* and *v.* (דריי) א מין לאסט-וואגען; א שליטען; די נעסט פון א וועווערקע; פיהרען אויף א לאסט-וואגען.

dray'age *n.* (דריי'-איידזש) דאס בענוצען א לאסט-וואגען; געצאהלט פארן בענוצען א לאסט-וואגען.

dray'-cart *n.* (דריי'-קארט) ז. *dray*

dray'-horse *n.* (דריי'-הארס) א לאסט פערד.

dray'man *n.* (דריי'-מען) א פוהרמאן פון א לאסט-וואגען.

dread *v.*, *n.* and *a.* (דרעד) שרעק מורא האבען, פירכטען, פיהלען אנגסט,

[הויפטזעכליך פאר עטוואס וואס דארף קומען]; מורא, פורכט, אנגסט, עהרפורכט; איינער אדער עטוואס וואס ווארפט אן א פחד אדער וואס רופט ארויס עהרפורכט; שרעקליך, ערשרעקענד, פירכטערליך; ערהאבען; אלמעכטיג, וואס רופט ארויס עהרפורכט.

dread'er *n.* (דרעד'-ער) א שרעקעדיגער, א פחדן.

dread'ful *a.* (דרעד'-פול) שרעקליך, שוידערליך, פורכטבאר; וואס רופט ארויס עהרפורכט; ערהאבען; אויסערגעוועהנליך.

dread'fully *adv.* (דרעד'-פול-אי) אויף א שרעקליכען, שוידערליכען אדער פורכטבארען שטייגער.

dread'fulness *n.* (דרעד'-פול-נעס) שרעקליכקייט, שוידערליכקייט, פורכטבארקייט.

dread'less *a.* (דרעד'-לעס) אונערשראקען, פורכטלאז, מוטהיג; וואס איז אויסער געפאהר; זיכער.

dread'lessness *n.* (דרעד'-לעס-נעס) אונערשראקענהייט; פורכטלאזיגקייט.

dread'naught *n.* (דרעד'-נאהט) איינער וואס האט פאר קיין זאך קיין מורא ניט; עטוואס וואס פערהיט פון מורא; אזא דיקער וואלענער ווארימער טוך; א מאנטעל פון אזא טוך; א דרעדנאוט [א געפאנצערטע קריעגס=שיף].

dread'nought *n.* (דרעד'-נאהט) ז. *dreadnaught*

dread the fel'low (דרעד טהי פעל'-או) כאפט איהם דער טייוועל!

dream *v. and n.* (דריעם) חלום'ען, טרוימען, פאנטאזירען; האבען אן אהנונג, אן אונבעשטימטע פארשטעלונג אדער ערווארטונג; דענקען, זיך פארשטעלען; א חלום, א טרוים, א פאנטאזיע, דאס חלום'ען, דאס טרוימען, דאס פאנטאזירען.

dream a dream (דריעם ע דריעם) זעהן אין חלום, זיך ארומטראגען מיט א חלום.

dream away' (דריעם ע-הוויי') פער־חלום'ען; אוועק'פטר'ען חלום'ענדיג.

drea'mer *n.* (דריע'-מער) א טרוימער, א בעל=חלומות, א פאנטאזיאר; א פוילענצער.

drea'mery *n.* (דריע'-מער-אי) טרוימעריי.

dream'ful *a.* (דריעמ'-פול) פול מיט חלומות, טרוימעריש, פאנטאסטיש.

dream'fully *adv.* (דריעמ'-פול-אי) פול מיט חלומות, טרוימען אדער פאנטאזיעס.

drea'mily *adv.* (דריע'-מי-לי) ווי אין א חלום; ווי א חלום; טרוימענדיג.

drea'miness *n.* (דריע'-מי-נעס) דאס חלום'ען, דאס טרוימען.

dream'land *n.* (דריעמ'-לענד) דאס רייך פון חלומות, דאס רייך פון דער פאנטאזיע; אילוזיאנען, חלומות, פאנטאזיעס.

dream'less *a.* (דריעמ'-לעס) אהן טרוימען; אהן חלומות.

dream'lessly *adv.* (דריעמ'-לעס-לי) אהן חלומות, אהן טרוימען.

dreamt (דרעמט) געטרוימט, גע'חלום'ט, פאנטאזירט. ז. *dream*

dream'-world *n.* (דריעמ'-הוואירלד) די וועלט פון פאנטאזיעס אדער אילוזיאנען.

drea'my *a.* (דריע'-מי) פול מיט חלומות; חלום'ענדיג, טרוימענדיג, פאנטאזירענדיג; וואס איז שייך צו אדער וואס רופט ארויס טרוימען, חלומות אדער פאנטאזיעס; עהנליך צו א חלום, ניט קלאר, פאנטאסטיש.

drear *a.* (דריער) ז. *dreary*

drear'ily *adv.* (דריער'-אי-לי) אויף א טרויעריגען, כמורנעם, אומעדיגען אדער מרה=שחורה'דיגען שטייגער; וויסט, לעער, עלענד, פערלאזען.

drear'iness *n.* (דריער'-אי-נעס) טרויעריגקייט, אומעדיגקייט, מרה שחורה, וויסטקייט, עלענד, פערלאזענקייט.

drear'y *a.* (דריער'-אי) טרויעריג, אומעדיג, מרה=שחורה'דיג, עלענד, וויסט, פערלאזען, לאנגווייליג.

drear'y blank (דריער'-אי בלענק) א טרויעריגע, מרה=שחורה'דיגע פוסטקייט.

dredge *n. and v.* (דרעדזש) א שלעפנעץ; א מאשין צו רייניגען קאנאלען, האפענס אדער טייכען; מיש=קארן [האבער און גערשטען פערזייהט צוזאמען]; רייניגען טייכען אדער קאנאלען; ארויספישען מיט א שלעפ=נעץ; בעשטרייען מיט מעהל [ווי געבראטען פלייש].

dredge'-box *n.* (דרעדזש'-באקס) ז. *dredging-box*

dredg'er *n.* (דרעדזש'-ער) איינער וואס כאפט פיש אדער אוסטריצעס מיט א שלעפ=נעץ; א שיף, פון וועלכער מען כאפט פיש אדער אוסטריצעס מיט א שלעפ=נעץ; א מאשין צו רייניגען האפענס, טייכען און קאנאלען; א מעהל=שטרייפושקעלע [א פושקעלע מיט לעכלעך אין דעקעל צו שטרייען מעהל].

dredg'ing-box *n.* (דרעדזש'-אינג-באקס) א מעהל=שטריי=פושקעלע [א פושקעלע מיט לעכלעך אין דעקעל צו שטרייען מעהל].

dredg'ing-machine' *n.* (דרעדזש'-אינג-מע-שין') א מאשין צו רייניגען טייכען, האפענס און קאנאלען.



Dredging-machine

dreen *v. and n.* (דריען) ז. *drain*

dreg'giness *n.* (דרעג'-אי-נעס) דאס זיין פול מיט אבגעשטאנענעס [טיילען פון פליסיגקייטען וואס זעצען זיך אב אויף'ן דעק]; מוטנעקייט, שלאמיגקייט, אונריינקייט.

dreg'gish *a.* (דרעג'-איש) פול מיט אבגעשטאנענעס [פון פליסיגקייטען]; שלאמיג, אונריין, מוטנע; גראב, שלעכט, נידריג.

dreg'gy *a.* (דרעג'-אי) ז. *dreggish*

dregs *n.* (דרעגז) אבגעשטאנענעס [פון פליסיגקייטען]; אונריינקייט, מוטנעקייט; אבשוים, אונניצליכע טיילען, אבפאל.

dregs of the peo'ple (דרעגז אוו טהי פיעפל) דער אבפאל, דער אבשוים פון דער געזעלשאפט, די נידריגסטע שיכטען פון דער געזעלשאפט.

drench *v. and n.* (דרענטש) דורכנעצען, דורכווייקען, איינווייקען, איינטונקען, פערגיסען, פערפלייצען, אנגיסען [מיט פער־שכור'ענדע משקאות]; אריינגיסען [מיט גוואלד א גרויסע דאזע מעדיצין]; א היבשע כוסה [משקה]; א מעדיצינישער געטראנק [הויפטזעכליך פאר בהמות]; עטוואס אין וואס אדער מיט וואס מען ווייקט אדער נעצט.

dren'cher *n.* (דרענ'-טשער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט נאס אדער נעצט דורך; איינער וואס גיט איין מעדיצין א בהמה.

dren'ching rain (דרענ'-טשינג ריין) א שלאקסרעגען.

dress *v. and n.* (דרעס) קליידען, אנציהען, בעפוצען; מאכען אין ארדנונג, ארראנזשירען, צוגרייטען; בעארבייטען, קולטיווירען; צוגעבען אן ענדליכע פארם, פערענדיגען א זאך; פערפערטיגען צו עפעס; פערקאמען די האר; רייבען און בערשטען א פערד; רייניגען און פערבינדען א וואונד; בעהענגען מיט פאהנען א שיף; אין מיליטער—זיך אויסשטעלען גלייך אין די רייהען; קליידונג; א פרויען=קלייד; א יום=טוב=קלייד, א באל=קאסטיום; די פעדערען פון א פויגעל; אין דרוקעריי — א גאנג שריפט מיט אלץ וואס איז דערצו שייך.

dress a ship (דרעס ע שיפ) בעציערען א שיף מיט פלאגען.

dress'-ball *n.* (דרעס'-באהל) א באל וואו מען ווערט אריינגעלאזען נור אין באל=קליידער.

dress'-box *n.* (דרעס'-באקס) די לאזשע אין טעאטער וואו עס פאדערט זיך א פראק=אנצוג.

dress'-cir'cle *n.* (דרעס'-סוירקל) דער ערשטער באלקאן אין טעאטער.

dress'-coat *n.* (דרעס'-קאוט) א פראק.

dress'er *n.* (דרעס'-ער) איינער וואס קליידעט אימעצען אן אדער בעפוצט; א פריזירער, א פאריקמאכער; א קוכער; איינער אין א האספיטאל וואס פערבינדט וואונדען, א פעלדשער; א געצייג מיט וועלכער מען האקט אויס די גראבענדלעך אין א מיהל=שטיין; דער האמער פון א שטיין=האקער, קויהלען=גרעבער אדער מעטאלען=גרעבער; דער הילצערנער האמער פון א בלעכער; א קיך=טיש; א געפעס=אלמער אדער בופעט.

dress flax (דרעס פלעקס) בארשטען פלאקס.

dress'-goods *n.* (דרעס'-גודז) דאס צייג, פון וועלכען מען נעהט פרויען און קינדער=קליידער.

dress hemp (דרעס העמפ) ברעכען האנף אדער קאנאפליעס [אויסשיילען קאנאפליעס פון זייער שאלעכץ].

dress'iness *n.* (דרעס'-אי-נעס) די געפוצטקייט, פראנטישקייט.

dress'ing *n.* (דרעס'-אינג) דאס קליידען, דאס פוצען, דאס פערקאמען די האר; דאס צוגרייטען עסען; דאס רייבען און בארשטען א' פערד; דאס פערבינדען א וואונד; דאס בעארבייטען די ערד; דאס אנברעכען די ביינער; דאס שמייסען.

dress'ing-case *n.* (דרעס'-אינג-קייס) א נעסעסער, א טואלעט=קעסטעל [א קעסטעל פאר פערשיעדענע טואלעט=זאכען, ווי קעמלעך, בערשטלעך א. ד. ג.].

dress'ing-glass *n.* (דרעס'-אינג-גלעס) א טואלעט=שפיעגעל.

dress'ing-gown *n.* (דרעס'-אינג-גאון) א מארגען=קלייד; א שלאפראק, א כאלאט.

dress'ing-machine' *n.* (דרעס'-אינג-מע-שין') א מאשין אבצוטיילען קלייען פון מעהל; א מאשין צו קראצען און בערשטען ליין, וואל א. ד. ג.

dress'ing-room *n.* (דרעס'-אינג-רוהם) א טואלעט=צימער, א פוץ=צימער, א צימער צו קליידען זיך.

dress'ing-ta'ble *n.* (דרעס'-אינג-טייבל) א טואלעט־טיש.

dress leath'er (דרעס לעטה'-ער) גארבען לעדער.

dress'maker *n.* (דרעס'-מיי-קער) א שניידעריז, א קליידער־נעהעריז, א קליידער־נעהער.

dress'making *n.* (דרעס'-מיי-קינג) שניידעריי, דאס מאכען קליידער.

dress one's hair (דרעס הוואנז העהר) פערקאמען אדער פריזירען די האר.

dress out (דרעס אוט) אויספוצען, איפפוצען.

dress'-parade' *n.* (דרעס'-פע-רייד') א פאראד אדער צערעמאניאלער מארש פון סאלדאטען אין פולער אוניפארם.

dress the ground (דרעס טהי גראונד) בעארבייטען א פעלד.

dress the line (דרעס טהי לאין) אויסשטעלען זיך אין גלייכע רייהען [ביי מיליטער].

dress the ranks (דרעס טהי רענקס) ז. *dress the line*

dress'-u'niform *n.* (דרעס'-יו'-ני-פארם) דער מונדיר וואס א סאלדאט דארף טראגען בעת א פאראד.

dress vines (דרעס וואינז) בעשניידען וויינשטאקען.

dress'y *a.* (דרעס'-אי) שעהן געקליידעט, געפוצט, מאדיש; פראנטיש.

dress your ranks! (דרעס יור רענקס) שטעלט זיך אויס! סמירנא! [דאס קאמאנדעווען אז די סאלדאטען זאלען זיך אויסשטעלען אין גלייכע רייהען].

drew (דרוה) געצויגען. ז. *draw*

Drey'fusite *n.* (דראי'-פאס-איט) א דרייפוסיסט, אן אנהענגער און פערטיידיגער פון קאפיטאן דרייפוס, וועלכען מען האט בעשולדיגט אין פערראטהען פראנקרייך און איהם פער'משפט אויף לעבענסלענגליכע פערהאפטונג אין טורמע. אין יאהר 1899 איז בעוויזען געווארען זיין אונשולד.

drib *n.* (דריב) א טראפען, א קאפעלע.

drib'ble *v. and n.* (דריבל) טריפען; לאזען רינען טראפענווייז; פאנאנדערגעבען צו קאפעלעך; לאזען רינען די שפייעכץ; אין באל־שפיעלען — לייכט א שטויס טהאן דעם באל; א טראפען, א קאפעלע; דאס טריפען.

drib'ble away' mon'ey (דריבל ע-הוויי' מאנ'-אי) פערשווענדען געלד; לאזען געלד צוקריכען אונטער די פינגער.

drib'bler *n.* (דריב'-לער) א שוואכער מענש.

drib'blet *n.* (דריב'-לעט) א קליין שטיקעלע; א קליינע סומע; קליינע חובות.

drib'bling *a.* (דריב'-לינג) אונבעדייטענד.

dried *a.* (דראיד) געטריקענט. ז. *dry*

dried beef (דראיד ביעף) געררויכערט פלייש.

dri'er *n.* (דראי'-ער) דער אדער דאס וואס טריקענט; א מאשין צו טריקענען פרוכטען א. ד. ג.; א געוויסער מאטעריאל וואס ווערט צוגעגעבען צו פארב עס זאל שנעל טריקענען.

drift *n. and v.* (דריפט) דאס וואס ווערט געטריבען דורך א שטראם פון וואסער אדער לופט; א קופע [פון זאמד, שנעע א. ד. ג.] וואס דער ווינד טרייבט צונויף אינאיינעם; דער גאנג פון עפעס, די נייגונג, די טענדענץ; א טרייב־קראפט, אן אימפולס, די ווירקענדע קראפט; א סטאדע, א מענגע אדער אן עולם וואס ווערט געטריבען פאראווערטס; אין ארכיטעקטור — דער דרוק פון אן ארקע אויף די זיילען; אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער און גלאטער די ברעגעס פון א לאך אין א מעטאלענער פלאטע; א האריזאנטאלער אריינגאנג אין א שאכטע; דער גאנג פון א שיף וואס ווערט אבגעטראגען מיט'ן שטראם; זיין געטריבען פאראווערטס דורך א שטראם פון וואסער אדער לופט; זיין געטריבען דורך אן אויסערער קראפט; צונויפטרייבען אין קופעס; בעדעקען מיט קופעס אדער הויפענס; גראבען אין א האריזאנטאלער ריכטונג; טרייבען.

drift'-bolt *n.* (דריפט'-באולט) א טרייב־באלץ [א שטאהלענער באלץ וואס ווערט בענוצט ארויסצוקלאפען אנדערע באלצען פון זייער ארט].

drift'less *a.* (דריפט'-לעס) צוועקלאז; אהן בעשטרעבונגען; פריי פון צוזאמענגעטראגענע קופעס זאמד אדער שנעע.

drift of bul'lets (דריפט אוו בול'-עטס) א רעגען פון קוילען.

drift'-sail *n.* (דריפט'-סייל) א שיפס־זעגעל וואס בויגט ארונטער די פאדערזייט פון שיף בעת א שטורם.

drifts of ice (דריפטס אוו איס) קריעס, שטיקער שווימענדע אייז.

drifts of sand (דריפטס אוו סענד) קופעס זאמד צונויפגעטריבען פון ווינד.

drifts of snow (דריפטס אוו סנאו) קופעס שנעע צוזאמענגעטראגען פון ווינד.

drift'way *n.* (דריפט'-הוויי) דער וועג, איבער וועלכען פיה ווערען געטריבען; דער גאנג פון א שיף וועלכע ווערט פערטראגען פון שטראם.

drift'wood *n.* (דריפט'-הוואוד) שטיקער האלץ וואס ווערען אראבגעטראגען מיט'ן שטראם און ווערען געפונען ביים ברעג ים אדער טייך.

drif'ty *a.* (דריפ'-טי) וואס בילדעט אויס קופעס צונויפגעוועהטע שנעע.

drill *v. and n.* (דריל) דרילען, בויערען; איינמושטירען אדער איינלערנען סאלדאטען אין מיליטער־דיענסט; זיך איבען אין מיליטער־דיענסט, ווי סאלדאטען; מאנעווורירען וואגאנעס פון אן אייזענבאהן כדי זיי צונויפצושטעלען אין א צוג; זייהען אין אויפגעאקערטע שורות; לאזען פליסען; טריפען, לאנגזאם פליסען; א דריל, א בויערער; א זייה־מאשין; א פערזייהטע שורה; א זייה־קארב אדער א זייה־זאק; דאס איינמושטירען אדער איינלערנען סאלדאטען אין מיליטער־דיענסט.



Drill

drill'-bit *n.* (דריל'-ביט) א דריל, א בויערער.

drill'er *n.* (דריל'-ער) איינער וואס דרילט אדער בויערט.

drill'-gage *n.* (דריל'-גיידזש) א נעצייג איינצושטעלען דעם ווינקעל פון דעם שארף פון א דריל.

drill'-har'row *n.* (דריל'-הער'-או) אזא קליינע בראנעווע.

drill'-hol'der *n.* (דריל'-האול'-דער) א געשטעל אין וועלכען עס ווערט אריינגעשטעלט א דריל אדער א בויערער.

drill'-hus'bandry *n.* (דריל'-האז'-בענ-דרי) דאס זייהען אין שורות.

drill'ing *n.* (דריל'-אינג) דאס מאטעריאל וואס ווערט ארויסגעבויערט מיט א דריל; דאס דרילען, דאס בויערען; אזא זארט שטארק געוועבטעס לייווענט אדער באוועלשטאף.

drill'ing-jig *n.* (דריל'-אינג-דזשיג) אזא קליינע האנד־דריל־מאשין.

drill'ing-machine' *n.* (דריל'-אינג-מע-שין') א דריל־מאשין [א מאשין צו בויערען לעכער].

drill'-instruc'tor *n.* (דריל'-אינ-סטראק'-טאר) איינער וואס לערענט אדער מושטירט איין סאלדאטען אין מיליטער־דיענסט.

drill in'to (דריל אינ'-טו) אריינפויקען [אין קאפ].

The teacher is **drilling** the arithmetic lesson **into** the minds of the pupils.

drill'-mas'ter *n.* (דריל'-מעס'-טער) איינער וואס לערענט אדער מושטירט איין סאלדאטען אין מיליטער־דיענסט; אן אריינפויקער, אן איינ'חזר'ער.

drill'-press *n.* (דריל'-פרעס) אזא דריל־מאשין צו בויערען לעכער אין מעטאל.

drills *n.* (דרילז) אזא זארט שטארק געוועבטעס לייווענט אדער באוועלשטאף.

drill'-ser'geant *n.* (דריל'-סאר'-דזשענט) אן אונטער־אפיציער וואס מושטירט איין סאלדאטען אין מיליטער־דיענסט.

drill time away' (דריל טאים ע-הוויי') פטר'ען צייט.

dri'ly *adv.* (דראי'-לי) טרוקען, אהן פייכטקייט; אהן טעם; אויף א טרוקענעם, קאלטען אדער אונהעפליכען שטייגער.

drink *v. and n.* (דרינק) טרינקען; שכור'ען; איינזויגען; א געטראנק; א טרונק.

drink'able *a. and n.* (דרינק'-עבל) טרינקבאר, וואס קען געטרונקען ווערען; א ליקער וואס קען געטרונקען ווערען.

drink'ableness *n.* (דרינק'-עבל-נעס) דאס זיין טרינקבאר.

drink a toast (דרינק ע טאוסט) טרינקען א טאסט, האלטען א טרינק־רעדע פאר איםעצענס געזונד.

drink deep (דרינק דיעפ) גוט אריינגיסען, זיך גוט אנ'שכור'ען.

drink down (דרינק דאון) פערטרינקען [דעם שכל, די צרות א. ז. וו.].

drink'er *n.* (דרינק'-ער) א טרינקער, א שכור.

drink hard (דרינק הארד) שטארק טרינקען, שכור'ען.

drink high (דרינק האי) שטארק טרינקען.

drink in (דרינק אין) איינזויגען אין זיך; אריינגעהמען אין זיך [ווי אן אידעע, א לעהרע א. ד. ג.].

drink'ing *n. and a.* (דרינק'-אינג) דאס טרינקען, דאס שכור'ען, שכרות; וואס איז איבערגעגעבען צום טרונק.

drink'ing-bout *n.* (דרינק'-אינג-באוט) א הוליאנקע, א טרינק־געזעלשאפט.

drink'ing-horn *n.* (דרינק'-אינג-הארן) א טרינק־הארן [א טרינק־כלי געמאכט פון א הארן].

drink'-mon'ey *n.* (דרינק'-מאנ'-אי) טרינק־געלד.

drink off (דרינק אָף) אויסטרינקען ביז'ן דעק.

drink'-of'fering *n.* (דרינק'-אָפ'-ער-אינג) א קרבן נסך, א טרונק־אָפּפער [דער קרבן פון ווייַן אמאָל ביי אידען].

drink round (דרינק ראונד) טרינקען כסדר אין דער רונד [דער בעכער זאָל ארומגעהן פון איינעם צום צווייטען].

drink the health (דרינק טהי העלטה) טרינקען פאר איםעצענס געזונד.

drink to (דרינק טו) טרינקען לחיים, טרינקען פאר איםעצענס געזונד.

drink to the pin (דרינק טו טהי פין) אויסטרינקען ביז'ן דעק.

drink up (דרינק אַפּ) אויסטרינקען ביז'ן דעק; אויסזויגען, ארויסציהען די פייכטקייט.

drip *v. and n.* (דריפּ) טריפען; קאַפּען; א טראַפּען, א טריף; דאס טריפען, דאס קאַפּען.

drip'ping *n.* (דריפּ'-אינג) עטוואס וואס טריפט; דאס טריפען; בראָטען־פעט [וואס טריפט אראב].

drip'ping-pan *n.* (דריפּ'-אינג-פּען) א פאן אויפצונעהמען דאס אראבגעטריפטע בראָטען־פעט.

drip'-pipe *n.* (דריפּ'-פּאיפּ) אזא שמאָל רעהרעל אין א דאמפף־מאשין דורך וועלכען עס לויפט אב דאס וואסער וואס בילדעט זיך פון אבגעקיהלטען דאמפף.

drip'stone *n.* (דריפּ'-סטאון) א קארניז איבער א טהיר אדער פענסטער וואס איז געמאכט ניט צו דערלאָזען, אז דאס רעגען־וואסער זאָל אריין אין שטוב.

drive *v. and n.* (דראיוו) טרייבען, יאָגען, פערפאָלגען, צווינגען; פיהרען [אויף א שפּאַציער] אויף א וואָגען; פאהרען שפּאַציערען; געטריבען ווערען; שטרעבען, זיך ציעלען; א שטארקען קלאַפּ טהאָן; אַנגעהן, אנפיהרען [ווי א געשעפט]; דאס טרייבען, דאס יאָגען; א שטארקער קלאַפּ; עטוואס וואס ווערט געטריבען [ווי בהמות]; דאס פאהרען שפּאַציערען; דאס זיין געיאַגט אדער געטריבען; איילעניש; לויף; א וועג פאר א שפּאַציער־פאָהר; דאס פערקויפען עטוואס אונטער דעם פּרייז, כדי צוציציהען קונים; א שפּאַס, א שטאָך־ווארט.

drive a bar'gain (דראיוו ע באר'-גען) אבמאכען, שליסען א מסחור.

drive against' (דראיוו ע-גענסט') ארויפלויפען, זיך אנשטויסען אדער ארויף־פאַלען [אויף איםעצען אדער עטוואס].

drive an ar'gument (דראיוו ען אר'-גיו-מענט) בעשטעהן אויף איינעמס בע־הויפטונג, בעווייזען איינעמס בעהויפטונג.

drive at (דראיוו עט) 1. טרייבען צו; אנפאַלען; 2. זיך ציעלעווען, האבען אין זינען, בעאבזיכטיגען.

2. What is he driving at?

drive a trade (דראיוו ע טרייד) ז. *drive a bargain*.

drive full (דראיוו פול) רייטען אין גאלאָפּ, רייטען שנעל.

drive in'to a cor'ner (דראיוו אינ'-טו ע קאהר'-נער) ז. *drive to the wall*.

driv'el *v. and n.* (דריוול) גאווערען, סלונען, לאָזען סלונע פון מויל; זיין קרענק־ליך, נאריש אדער אידיאטיש; רעדען אדער האנדלען נאריש אדער אידיאטיש; סלונע; נארישקייט; זינלאָזיגקייט; אידיאטישע פּלוידערייי.

driv'eler *n.* (דריוול'-ער) איינער וואס גאווערט, איינער וואס לאָזט סלונע פון מויל, אדער סלונעט; א נאר, אן אידיאט.

driv'eller *n.* (דריוול'-ער) ז. *driveler*.

drive mad (דראיוו מעד) טרייבען צו משוגעת.

driv'en (דריווען) געפאהרען, געטריבען. ז. *drive*.

driv'en snow (דריווען סנאו) פריש־געפאַלענער שנעע.

His clothes are as white as the driven snow.

drive off the stage (דראיוו אָף טהי סטיידזש) אויספייפען אן אקטיאר.

drive one's hogs (דראיוו וואנז האגז) שטארק שנארכען אדער כראַפּען.

drive out (דראיוו אוט) אין דרוקע־ריי — שפּאַציען [מאכען שיטערער די בוכשטאבען אדער שורות, אויסשפּרייטען דעם זאץ].

drive o'ver (דראיוו או'-ווער) ז. *drive out*.

drive pigs (דראיוו פּיגז) ריידען מיט'ן ר־ר־ריש.

elf'-child *n.* (עלפ'-טשאילד) א קינד, וואס איז, לויט דעם פאלקס=גלויבען, פערביטען געווארען דורך שדים; א פערביטען קינד.

elf'-dart *n.* (עלפ'-דארט) ז. ***elf-arrow***

el'fin *n. and a.* (על'-פין) אן עלף, א גייסט, א שד; א פאנטאסטיש בעשעפעניש; א טייוועל א קינד [א שפאסיגער אדער צערטליכער צונאמען]; וואס איז שייך צו אן עלף. ז. ***elf***

el'fish *a.* (על'-פיש) וואס איז שייך צו אן עלף אדער צום פאנטאסטישען עלפען=לאנד; פעראורזאכט פון עלפען; כיטרע, וואס טהוט אב בייזע שפיצלעך, ווי עלפען. ז. ***elf***

el'fishly *adv.* (על'-פיש-לי) ווי אן עלף; כיטרע; אבטהוענדיג בייזע שפיצלעך. ז. ***elf***

elf'-land *n.* (עלפ'-לענד) דאס עלפען=לאנד, דאס גייסטער=לאנד.

elf'-lock *n.* (עלפ'-לאק) א פערקאלטענער האר=לאק; צושויבערטע האר.

elf'-shot *n.* (עלפ'-שאט) ז. ***elf-arrow***

elf'-stone *n.* (עלפ'-סטאון) ז. ***elf-arrow***

elic'it *v.* (אי-ליס'-איט) ארויסציהען; ארויסרופען, ארויסברייננען, ארויסקריגען.
The appeal to the public elicited a response.

elicita'tion *n.* (אי-ליס-אי-טיי'-שאן) ארויסציהונג, ארויסרופונג, דאס ארויסברייננען, דאס ארויסקריגען.

elide' *v.* (אי-לאיד') אין גראמאטיק — ארויסווארפען אדער דורכלאזען א בוכשטאב אדער זילבע אין אויסשפראך אדער אין שריפט [ווי למשל, אין פאל, ווען מען געברויכט "כ'בין" אנשטאט "איך בין"].

eligibil'ity *n.* (על-אי-דזשי-ביל'-אי-טי) וועהלבארקייט; דאס זיין פאסיג, בערעכטיגט אדער ווערטה ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט; דאס זיין ווינשענסווערטה; דאס זיין פארציגליך.

el'igible *a. and n.* (על'-אי-דזשיבל) וועהלבאר; וואס איז פאסיג, בערעכטיגט אדער ווערטה ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט; ווינשענסווערטה; פארציגליך; איינער וואס איז [געזעצליך] בערעכטיגט ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט.

el'igibleness *n.* (על'-אי-דזשיבל-נעס) ז. ***eligibility***

el'igibly *adv.* (על'-אי-דזשי-בלי) אויף אזא אופן, אז איינער זאל ווערטה זיין אדער זיין בערעכטיגט ערוועהלט צו ווערען צו אן אמט.

elim'inate *v.* (אי-לימ'-אי-נייט) ארויסווארפען, בעזייטיגען, אבשאפען, ניט נעהמען אין אנבעטראכט, אויסשליסען, פטור ווערען [פון עפעס].

elimina'tion *n.* (אי-לימ-אי-ניי'-שאן) דאס ארויסווארפען, דאס בעזייטיגען, דאס אבשאפען, דאס ניט נעהמען אין אכט, דאס אויסשליסען, דאס פטור ווערען [פון עפעס]; דאס פערטרייבען אדער דאס ארויסווארפען [פון א הויז].

elim'inative *a.* (אי-לימ'-אי-ניי-טיוו) אבלעגענד, אבפיהרענד; וואס ווארפט אב; וואס בעזייטיגט.

elim'inator *n.* (אי-לימ'-אי-ניי-טאר) איינער אדער עפעס וואס בעזייטיגט, ווארפט אב אדער פיהרט אב.

elim'inatory *a.* (אי-לימ'-אי-ניי-טא-רי) ז. ***eliminative***

eli'sion *n.* (אי-ליזש'-אן) דאס ארויסווארפען, דאס ארויסלאזען; אין גראמאטיק — דאס אויסלאזען א בוכשטאב אדער א זילבע. ז. ***elide***

élite' *n.* (איי-ליט') דער בעסטער טייל [הויפטזעכליך פון דער געזעלשאפט]; די פני.

elix'ate *v.* (אי-ליק'-סייט) זידען, קאכען, ארויסציהען די זאפט דורך קאכען.

elixa'tion *n.* (על-איק-סיי'-שאן) דאס זידען, דאס קאכען; דאס ארויסציהען די זאפט דורך קאכען; פערדייאונג.

elix'ir *n. and v.* (אי-ליק'-סיר) עליקסיר; אין אלכעמיע — א שטאף וועגען וועלכען מען האט געגלויבט, אז ער קען פערוואנדלען פשוט'ע מעטאלען אין גאלד און זילבער, פערלענגערען דאס לעבען און אומקעהרען די פערלארענע יוגענד; דער המצית, דער תוך, דער קווינטעסענץ; אין מעדיצין — א שמעקענדער, אנגענעהמער הייל=געטראנק; מאכען עטוואס פאר אן עליקסיר, צוגעבען די אייגענשאפטען פון עליקסיר.

elix'ir vi'tæ (אי-ליק'-סיר וואי'-טיע) דער לעבענס=עליקסיר [א שטאף אין אלכעמיע, וועגען וועלכען מען האט געגלויבט, אז ער קען פערלענגערען דאס לעבען און אומקעהרען די פערלארענע יוגענד].

Elizabeth'an *a.* (אי-ליז-ע-בעטה'-ען) וואס איז שייך צו דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטא און צו דער פעריאדע פון איהר רעגיערונג [זי האט רעגיערט פון 1558 ביז 1603].

Elizabeth'an lit'erature (אי-ליז-ע-בעטה'-ען ליט'-ע-רע-טשור) די ענגלישע ליטעראטור=פעריאדע אין דער צייט פון דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטא. די פעריאדע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסער צאהל בעדייטענדע שרייבער און ליטערארישע ווערק, וועלכע פערנעהמען נאך ביז איצט א גרויסען פלאץ אין דער ענגלישער ליטעראטור. פון די בעדייטענדסטע שרייבער פון יענער צייט זיינען: פרענסיס בייקאן אלס פילאזאף און שעקספיער אלס דראמאטורג.

Elizabeth'an type (אי-ליז-ע-בעטה'-

ען-טאיפ) אין דרוקעריי — אזא לענגליכע שמאלע שריפט. ז. *church text*

elk *n.* (עלק) דאס עלענטהיער [אזא הירש]. ז. *moose*.

ell *n.* (על) אן אייל, אן עלע [א לענגען־מאס, הויפטזעכליך פאר טוך. די ענגלישע אייל האלט א יארד און א פיערטעל אדער 45 אינטשעס; די פראנצויזישע — אנדערטהאלבען יארד אדער 47.245 אינטשעס; די פוילישע — 22.65 אינטשעס; די פרייסישע — 26.259]; א הויז־פליגעל וואס זעהט אויס ווי דער בוכשטאב *L*; א רעהר־פערבינדונג וואס בילדעט א גלייכען ווינקעל.

ellipse' *n.* (ע-ליפס') אין געאמעטריע — אן עליפסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].

ellip'sis *n.* (ע-ליפ'-סיס) אין גראמאטיק — אן עליפסע [די ארויסלאזונג פון א ווארט אדער א טייל פון א פראזע, א נים-פאלשטענדיגער זאץ [ווי למשל; "רוהיג!" אנשטאט: "האלט זיך רוהיג!"]; אין דרוקעריי — צייכענס וואס צייגען, אז געוויסע בוכשטאבען אדער ווערטער זיינען דורכגעלאזען געווארען [—, * * *, . . .].

ellip'sograph *n.* (ע-ליפ'-סא-גרעף) אן עליפסאגראף [אן אינסטרומענט צו צייכענען עליפסען]. ז. *ellipse*.

ellip'soid *n.* (ע-ליפ'-סאיד) אין געאמעטריע — אן עליפסאיד [א געאמעטרישער קערפער, וואס ווען ער ווערט געשניטען, נים ער אין שניט די פארם פון אן עליפסע]. ז. *ellipse*.

ellipsoi'dal *a.* (על-איפ-סאי'-דעל) וואס איז שייך צו אן עליפסאיד. ז. *ellipsoid*.

ellip'tic *a.* (ע-ליפ'-טיק) עליפטיש, וואס האט די פארם פון אן עליפסע; וואס איז שייך צו אן עליפסע [אין געאמעטריע און גראמאטיק]. ז. *ellipse* און *ellipsis*.

ellip'tical *a.* (ע-ליפ'-טי-קעל) ז. *elliptic*.

ellip'tic arch (ע-ליפ'-טיק ארטש) אין ארכיטעקטור — א בויגען אדער געוועלב וואס איז ענהליך צו אן עליפסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].

Elliptic Arch

elliptic'ity *n.* (על-איפ-טיס'-אי-טי) דאס זיין עליפסענפערמיג. ז. *ellipse*

ellip'tograph *n.* (ע-ליפ'-טא-גרעף) אן עליפטאגראף אדער עליפסאגראף. ז. *ellipsograph*

ell'wand *n.* (על'-וואנד) אן אמאליגע אייל־מאס אין ענגלאנד וואס איז געווען 45 צאל [אינטשעס] לאנג.

elm *n.* (עלם) דער אולם־בוים [א מין גרויסער בוים מיט געצייהנדעלטע בלעטער. זיין האלץ ווערט געברויכט אויף פערשידענע טישלער־ארבייט].

el'my *a.* (על'-מי) רייך בעוואקסען מיט אולם־בוימער. ז. *elm*.

elocu'tion *n.* (על-א-קיו'-שאן) רעדע־קונסט; דאס רעדען; די רעדע־קראפט.

elocu'tionary *a.* (על-א-קיו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו דער רעדע־קונסט.

elocu'tionist *n.* (על-א-קיו'-שאנ-איסט) איינער וואס בעזיצט די רעדע־קונסט; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעדע־קונסט אדער לערענט אנדערע די קונסט שעהן צו רעדען.

éloge' *n.* (אי-לאוזש') ז. *elogy*

elo'gium *n.* (אי-לאו'-דזשי-אם) ז. *elogy*.

el'ogy *n.* (על'-א-דזשי) א לויב־רעדע [הויפטזעכליך נאך א טויטען].

El'ohim *n.* (על'-א-הים) אלהים [גאט].

El'ohism *n.* (על'-א-היזם) דאס דינען גאט אלס אלהים [לויט דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאָן, האבען די אידען אין פערשידענע צייטען און אין פערשידענע ערטער אנגערופען גאט מיט פערשידענע נעמען, ווי אלהים, יהוה, אל שדי א. ד. ג. אונטער דעם נאמען אלהים האט מען וועגען גאט געהאט אן אנדער פארשטעלונג איידער אונטער איינעם פון זיינע אנדערע נעמען].

El'ohist *n.* (על'-א-היסט) דער אלהיסט, דער אונבעוואוסטער שרייבער, וועגען וועלכען מען מיינט, אז ער האט פערפאסט די אלהיסטישע שטעלען פון חומש. ז. *Elohistic*.

Elohis'tic *a.* (על-א-היס'-טיק) אלהיסטיש, וואס איז שייך צו די אלהיסטישע שטעלען פון חומש [אין חומש, אין די ערשטע קאפיטלען, קען מען בעמערקען צוויי בעזונדערע ערצעהלונגען וועגען דער בעשאפונג פון דער וועלט און פון מענשען. אין דער ערשטער ערצעהלונג ווערט גאט אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "אלהים" און אין דער צווייטער ערצעהלונג ווערט ער אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "יהוה־אלהים"].

eloign' *v.* (אי-לאין') ז. *eloin*

eloin' *v.* (אי-לאין') אבדערווייטערען, אבווייטערען.

elong'ate *v.* and *a.* (אי-לאהנג'-אייט) פערלענגערען, אויסציהען, מאכען לענגער; אויסגעצויגען, פערלענגערט.

elonga'tion *n.* (אי-לאהנג-איי'-שאן) די אויסציהונג, די פערלענגערונג, דאס זיין אויסגעצויגען אדער פערלענגערט; אין אסטראנאמיע — דער מהלך אדער די דיסטאנץ פון א פלאנעט ביז דער זון, אויף וויפיעל מען קוקט אויף דעם פון דער ערד; אין כירורגיע — א טיילווייזע אויסלייקונג פון אן אבר דורך דעם, וואס דער באנדאזש אויף א וואונד איז צו שטארק אנגעצויגען אדער צופיעל פערלענגערט.

elope' *v.* (אי-לאופ') אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי א פרוי ווען זי אנטלויפט מיט אן אנדער מאן]; אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elope'ment *n.* (אי-לאופ'-מענט) דאס אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי דאס אנטלויפען פון א פרוי פון איהר מאן]; דאס אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elo'per *n.* (אי-לאו'-פער) דער וואס אנטלויפט פון א התחיבות אדער געזעצליכען פערבאנד; איינער וואס אנטלויפט מיט א געליעבטער.

el'oquence *n.* (על'-א-קהווענס) עלאקווענץ, בערעדזאמקייט, דאס רעדען מיט שעהנע אויסדריקע; דאס וואס ווערט שעהן ארויסגערעדט אדער אויסגעדריקט.

el'oquent *a.* (על'-א-קהווענט) בערעדזאם, וואס קען אויסדריקען זיינע געפיהלען מיט א שטארקער און שעהנער בערעדזאמקייט; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

el'oquently *adv.* (על'-א-קהווענט-לי) מיט בערעדזאמקייט; דורך רעדען מיט שעהנע און איינדרוקספאלע אויסדריקע.

else *adv.* (עלס) 1. אויף אן אנדער אופן; עטוואס אנדערש; 2. זאנסט, ווען נים; 3. אנדערשוואו.

1. I shall try something else. 2. You must help me, else I am ruined. 3. I shall go somewhere else.

else'where *adv.* (עלס'-הוועהר) אנדערשוואו.

elu'cidate *v.* (אי-ליו'-סי-דייט) ווערפען א ליכט, קלאר מאכען, ערקלערען.

elucida'tion *n.* (אי-ליו-סי-דיי'-שאן) דאס בעלייכטען, דאס קלאר מאכען, די אויפקלערונג.

elu'cidative *a.* (אי-ליו'-סי-דיי-טיוו) וואס בעלייכטעט, וואס מאכט קלאר, ערקלערענד.

elu'cidator *n.* (אי-ליו'-סי-דיי-טאר) דער וואס בעלייכט אדער מאכט קלאר א זאך; אן ערקלערער.

elude' *v.* (אי-לוד') זיך קינסטליך ארויסדרעהען; פערבלייבען נים אויפגעדעקט.

elu'dible *a.* (אי-לו'-דיבל) וואס קען זיך ארויסדרעהען [פון פערפאלגונג, פון א קלאפ א. ד. ג.].

E'lul *n.* (אי'-לאל) דער חודש אלול [דער צוועלפטער חודש אין דער אידישער צייטרעכנונג].

elu'sion *n.* (אי-לו'-זשאן) דאס ארויסדרעהען זיך פון א פערפאלגונג דורך א שפיצעל אדער שווינדעל.

elu'sive *a.* (אי-לו'-סיוו) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען נים כאפען.

elu'sively *adv.* (אי-לו'-סיוו-לי) ארויסדרעהענדיג זיך מיט א שפיצעל [פון פערפאלגונג א. ד. ג.]; נים לאזענדיג זיך כאפען.

elu'siveness *n.* (אי-לו'-סיוו-נעס) דאס קענען זיך ארויסדרעהען מיט א דרעהדעל אדער שפיצעל [פון פערפאלגונג]; דאס נים לאזען זיך כאפען.

elu'sory *a.* (אי-לו'-סא-רי) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען נים כאפען; אבנארענד.

elu'tion *n.* (אי-ליו'-שאן) דאס אבשווענקען, דאס אבוואשען: יעדער פראצעס, דורך וועלכען איין קערפער טיילט זיך אב פון אנדערען דורך שווענקען אדער וואשען.

elu'triate *v.* (אי-ליו'-טרי-אייט) רייניגען, אראבוואשען.

elutria'tion *n.* (אי-ליו-טרי-איי'-שאן) דאס רייניגען עפעס דורך וואשען און ארומגיסען.

elve *n.* (עלוו) ז. *elf*

elve'-lock *n.* (עלוו'-לאק) ז *elf-lock*

elves *n.* (עלווז) ז. *elf* עלפען.

el'vet *n.* (על'-וועט) א קליינער עלף [א קארליק, שד]. ז. *elf*

el'vish *a.* (על'-וויש) ז. *elfish*

el'vishly *adv.* (על'-וויש-לי) ז. *elfishly*

el'wand *n.* (על'-הוואנד) ז. *ellwand*

Elys'ian *a.* (אי-ליזש'-יען) וואס איז שייך צום עליזיאום אדער גן־עדן: פול מיט העכסטער הנאה און פערגניגען. ז. *Elysium*

Elys'ium *n.* (אי-ליזש'-אי-אם) דער עליזיאום אדער גן־עדן [דער ארט — לויט די פארשטעלונגען פון די אלטע גריכען — וואו די געשטארבענע העלדען און צדיקים פערברענגען אין אייביגען פערגניגען און גליק].

em *n.* (עם) אין דרוקעריי — דער קוואדראט פון די בלייענע בוכשטאבען.

ema'ciate *v. and a.* (אי-מיי'-שי-אייט) מאכען מאגער; ווערען מאגער, אבצעהרען; אויסגעמאגערט, אבגעצעהרט.
His body has become emaciated through sickness.

emacia'tion *n.* (אי-מיי-שי-איי'-שאן) די אויסמאגערונג, די אבצעהרונג.

em'anant *a.* (עמ'-ע-נענט) אויספליסענד. אויסשטראמענד.

em'anate *v.* (עמ'-ע-נייט) ארויסשטאמען, ארויסשטראמען, ארויספליסען.

emana'tion *n.* (עמ-ע-ניי'-שאן) ארויסשטראמונג, ארויספליסונג, ארויסשטראהלונג; השפעה; אין פילאזאפיע — עמאנאציא. די לעהרע, אז די וועלט איז די השפעה פון גאט, ד. ה. זי איז ניט בעשאפען געווארען אלס חומר, אלס געגענזאץ צו גאט און גייסט, נאר זי איז א מין אויסשטראהלונג פון געטליכקייט.

em'anative *a.* (עמ'-ע-ניי-טיוו) ארויסשטראמענד, ארויספליסענד; בעקומען דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatively *adv.* (עמ'-ע-ניי-טיוו-לי) דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatory *a.* (עמ'-ע-ניי-טא-רי) ז. *emanative*

eman'cipate *v.* (אי-מענ'-סי-פייט) עמאנציפירען, בעפרייען.

emancipa'tion *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאן) עמאנציפאציאן, די בעפרייאונג.

emancipa'tionist *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאן-איסט) א פערטיידיגער פון שקלאפען-בעפרייאונג.

emancipa'tion proclama'tion (אי-מענ-סי-פיי'-שאן פראק-לע-מיי'-שאן) דער בעפרייאונגס-מאניפעסט [דער מאניפעסט וואס אייבערהעם לינקאלן, דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען האט ארויסגעלאזען אין יאהר 1864, לויט וועלכען אלע נעגערס זיינען בעפרייט געווארען פון שקלאפעריי].

eman'cipative *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו בעפרייען פון אונטערדריקונג.

eman'cipator *n.* (אי-מענ'-סי-פיי-טאר) אן עמאנציפאטאר, א בעפרייער.
Abraham Lincoln is the emancipator of the negro slaves.

eman'cipatory *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טא-רי) וואס איז שייך צו עמאנציפאציא; אדער בעפרייאונג.

emar'ginate *a. and v.* (אי-מאר'-דזשי-נייט) אהן ראנדען, וואס האט ארומגעשניטענע ראנדען; אוועקנעהמען אדער ארומשניידען די ראנדען.

emar'ginated *a.* (אי-מאר'-דזשי-ניי-טעד) ז. *emarginate*

emas'culate *v. and a.* (אי-מעס'-קיו-לייט) מאכען אוים זכר, קאסטרירען, מסרס זיין; מאכען פרויען-עהנליך; ווערען אוים זכר; ווערען פרויען-עהנליך; אבשוואכען; אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען; געמאכט אוים זכר, קאסטרירט, פרויען-עהנליך, אבגעשוואכט.

emascula'tion *n.* (אי-מעס-קיו-ליי'-שאן) דאס מאכען אוים זכר; דאס ווערען אוים זכר; דאס זיין פרויען-עהנליך; דאס אבשוואכען; זיין אדער ווערען אבגעשוואכט; דאס אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען.

emas'culator *n.* (אי-מעס'-קיו-ליי-טאר) איינער וואס קאסטרירט אדער איז מסרס; איינער וואס שוואכט אב אדער מאכט פרויען-עהנליך.

embale' *v.* (עמ-בייל') איינפאקען, פערפאקען.

emball' *v.* (עמ-באהל') איינפאקען, פערפאקען; ארומרינגלען.

emball'ing *n.* (עמ-באהל'-אינג) דאס אויסצייכנען איינעם דערמיט, וואס מען גיט איהם אין האנד דעם באל אדער קוגעל אלס סמן פון הערשאפט; דאס געבען איינעם קעניגליכע מאכט.

embalm' *v.* (עמ-באהם') בעגיסען מיט זאלב-אויל; באלזאמירען, פערהיטען פון פוילען דורך באלזאמירען [הויפטזעכליך א טויטען קערפער]; קאנזערווירען, בעהאלטען אין זכרון; מאכען שמעקעדיג.

embal'mer *n.* (עמ-באה'-מער) א באלזאמירער [פון טויטע קערפער].

embalm'ment *n.* (עמ-באהמ'-מענט) באלזאמירונג [פון טויטע קערפער].

embank' *v.* (עמ-בענק') בעשיצען מיט אנגעשאטענער ערד; מאכען א גרעבליע [ביים ברעג פון ים אדער א טייך].

embank'ment *n.* (עמ-בענק'-מענט) א שוץ-וואנד פון אנגעשאטענער ערד; א גרעבליע.

embar'go *n. and v.* (עמ-באר'-גאו) א פערבאט פאר האנדעלס-שיפען צו פערלאזען די האפענס; דאס פערבאטען האנדעלס-שיפען; א שטערונג, אן אבהאלט, א פערבאט; פערבאטען שיפען צו פערלאזען די האפענס; פערבאטען; אבהאלטען אדער שטערען די בעוועגונג [הויפטזעכליך פון שיפען].

embark' *v.* (עמ-בארק') ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; זיך זעצען אויף א שיף; אונטערנעהמען, פערוועגען, שטעלען אין קאן, ריזיקירען; ריסקירען; זיך לאזען אין א געוויסער ריכטונג אדער צו א געוויסען ציעל.

embarka'tion *n.* (עמ-באר-קיי'-שאן) דאס ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; דאס זעצען זיך אויף א שיף; דאס אבשיקען עפעס דורך א שיף; די מענשען אדער זאכען וואס ווערען געשיקט דורך א שיף; די שיף, אויף וועלכער מען שיקט מענשען אדער זאכען.

embark'ment *n.* (עמ-בארק'-מענט) ז. *embarkation*

embar'rass *v.* (עמ-בער'-עס) פערפלאנטערען, פערווירען, מאכען שוועריגקייטען אדער שטערונגען, ברייננען אין פערלעגענהייט, צומישען, צוטומלען.

embar'rassing *a.* (עמ-בער'-עס-אינג) מאכענדיג שוועריגקייטען, שטערענדיג, פערפלאנטערענדיג, פערווירענדיג, צוטומלענדיג, צומישענדיג, ברייננענדיג אין פערלעגענהייט.

embar'rassingly *adv.* (עמ-בער'-עס-אינג-לי) אויף אן אופן וואס ברייננט אין פערלעגענהייט, פערווירט, פערפלאנטערט, צומישט אדער מאכט שטערונגען און שוועריגקייטען.

embar'rassment *n.* (עמ-בער'-עס-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פערלעגענהייט, שטערונג, שוועריגקייט, שוועהרע לאגע, צוטומלעניש, צומישונג.

embase' *v.* (עמ-בייס') ערנידריגען, דעגראדירען; איינדריקען, אויסהוילען; שעדיגען, קלענער מאכען דעם ווערטה, פרייז, ראנג א. ד. ג.; פערפעלשען.

embase'ment *n.* (עמ-בייס'-מענט) ערנידריגונג, שעדיגונג, פעלשונג, פערקלענערונג פון ווערטה, פרייז, ראנג א. ד. ג.; א וואנע.

embas'sador *n.* (עמ-בעס'-ע-דאר) ז. *ambassador* א געזאנדטער.

em'bassy *n.* (עמ'-בע-סי) דאס אמט, די אייפגאבע אדער שליחות פון א געזאנדטען [פערטרעטער פון איין רעגירונג ביי א צווייטער]; א וויכטיגע אויפגאבע אדער שליחות; די אפיציעלע וואהנונג פון א געזאנדטען; איינער אדער איינינע וואס האבען א וויכטיגע שליחות אדער מיסיאן.

embat'tle *v. and n.* (עמ-בעטל') אויסשטעלען אין שלאכט-ארדנונג; בעזארגען מיט פעסטונגס-טורעמס; מאכען אין דער פארם פון פעסטונגס-טורעמס אדער פעסטונגס-וואנד; געקארבטע געלענדערס; א קארב [ווי אין א טורם פון פעסטונגס-וואנד וואס האט די פארם פון ⊔].

embat'tlement *n.* (עמ-בעטל'-מענט) פעסטונגס-טורעמס; א געקארבטער געלענדער. ז. *embattle*

embay' *v.* (עמ-ביי') אריינטרייבען אדער איינשליסען אין א בוכט אדער צווישען קאפען [שפיציגע טיילען פון לאנד וואס שניידען זיך אריין אין ים]; בעדען, איינטונקען.

embay'ment *n.* (עמ-ביי'-מענט) א טייל פון ים וואס איז ארומגערינגעלט און בעשיצט פון קאפען. ז. *embay*

embed' *v.* (עמ-בעד') פערגראבען; אריינלעגען [ווי אין א בעט].

embed'ment *n.* (עמ-בעד'-מענט) דאס פערגראבען, דאס ארומלעגען אדער אריינלעגען [ווי אין א בעט]; דאס מיט וואס מען לעגט ארום אדער אין וואס מען בעגראבט.

embel'lish *v.* (עמ-בעל'-איש) בעציערען, בעפוצען, בעשעהנען.

embel'lishment *n.* (עמ-בעל'-איש-מענט) בעציערונג, בעפוצונג, פערשעהנערונג.

em'ber *n.* (עמ'-בער) א ברענענדיגע קויהל; א פונק; א תקופה [פון צייט], א סעזאן, א יאהרעס-צייט [ווי פריהלינג, זומער א. ד. ג.].

em'ber-days *n.* (עמ'-בער-דייז) די קאטוילישע פאסט-טעג צו דריי טעג [מיטוואך, פרייטאג און שבת] אין אנפאנג פון יעדער יאהרעס-צייט.

em'bered *a.* (עמ'-בערד) בעשטרייט מיט פונקען אדער ברענענדען אש.

em'ber-fast *n.* (עמ'-בער-פעסט) דער קאטוילישער פאסט-טאג אין אנפאנג פון א יאהרעס-צייט.

em'ber-goose *n.* (עמ'-בער-גוהס) דער אייזוויכער [אזא גרויסער וואסער-פויגעל].

em'ber-week *n.* (עמ'-בער-הוויעק) די וואך אין אנפאנג פון א יאהרעס-צייט ווען ביי די קאטוילייקען זיינען איינגעפיהרט די פאסט-טעג.

embez'zle *v.* (עמ-בעזל') אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס-אנגעשטעלטען אדער אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zlement *n.* (עמ-בעזל'-מענט) דאס אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס-אנגעשטעלטען אדער אן אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zler *n.* (עמ-בעז'-לער) איינער וואס לאזט אראב צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטעס געלד.

embit'ter *v.* (עמ-ביט'-ער) מאכען ביטער; פערביטערען דאס לעבען.

embit'terer *n.* (עמ-ביט'-ער-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט ביטער אדער פערביטערט.

embit'terment *n.* (עם-ביט'-ער-מענט) דאס ביטער מאכען; דאס פערביטערען.

emblaze' *v.* (עם-בלייז') אנצינדען אין פלאמען; מאכען עס זאל העל שיינען אדער גלענצען; בעמאלען מיט וואפען-בילדער אדער מיט הערבען; אויסציערען; זינגען שבחים, הויבען אין הימעל אריין.

embla'zer *n.* (עם-בליי'-זער) איינער וואס מאכט העל-שיינענד אדער גלענצענד; איינער וואס בעציערט.

embla'zon *v.* (עם-בליי'-זאן) בעציערען; אילוסטרירען; שטארק לויבען.

embla'zoner *n.* (עם-בליי'-זאנ-ער) א דעקאראטאר, א פערציערער; אן אילומינאטאר, א פייערווערק-מאכער; אן אויסשרייער, א בעקאנטמאכער, אן אויספויקער, א העראלד.

embla'zonment *n.* (עם-בליי'-זאנ-מענט) דאס בעקאנט מאכען מיט פויקען און טרומייטען [ווי אין די אלטע צייטען א העראלד]; דאס דעקארירען; דאס אילומינירען.

embla'zonry *n.* (עם-בליי'-זאנ-רי) די געמעלדען פון הערבען אויף שילדען; די קונסט פון מאלען הערבען, פון דעקארירען אדער אילוסטרירען.

em'blem *n.* (עמ'-בלעם) אן עמבלעם, א בילד אדער א פיגור וואס בעצייכענט עפּעס; א סימבאלישער צייכען פון א געוויסער אידעע אדער פערשטעלונג, ווי א קרוין אלס דאס עמבלעם פון מלוכה א. ד. ג.

emblemat'ic *a.* (עם-בלע-מעט'-איק) עמבלעמאטיש, סימבאליש; וואס איז שייך צו אן עמבלעם. ז. *emblem*

emblemat'ical *a.* (עם-בלע-מעט'-אי-קעל) ז. *emblematic*

emblemat'ically *adv.* (עם-בלע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אן עמבלעמאטישען שטייגער; דורך א בילד אדער פיגור, וועלכע בעצייכענט א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג.

em'blematist *n.* (עמ'-בלעם-ע-טיסט) איינער וועלכער שרייבט אדער צייכענט עמבלעמען. ז. *emblem*

em'blematize *v.* (עמ'-בלעם-ע-טאיז) אויסדריקען א געדאנק אדער אידעע דורך עמבלעמען אדער סימבאלען [דורך אנגעצייכענטע פיגורען אדער סמנים].

em'blements *n.* (עמ'-בלע-מענטס) אין יוריספרודענץ — די פראדוקטען פון ערד-ארבייט, וועלכע מען פערזייהט יעדען יאהר [ווי קארן, קארטאפעל א. ד. ג.] צום אונטערשייד פון די פראדוקטען, וועלכע מען פערזייהט ניט יעדען יאהר [ווי גראז, פרוכטען א. ד. ג.]; דאס רעכט אויף דיזען סארט פראדוקטען.

em'blemize *v.* (עמ'-בלע-מאיז) ז. *emblematize*

emblos'som *v.* (עם-בלאס'-אם) בעדעקען מיט בלומען.

embod'iment *n.* (עם-באד'-אי-מענט) 1. דאס פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; 2. די פערקערפערונג פון אן אידעע אדער געדאנק, דאס אויסדריקען עס אין א בעשטימטער פארם; 3. די פארמולירונג פון א זאך.
2. Abraham Lincoln is the embodiment of the American spirit.

embod'y *v.* (עם-באד'-אי) פערקערפערען, אויסדריקען אין א בעשטימטער קערפערליכער פארם; פארמולירען; פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; זיך פעראייניגען, פעראייניגט ווערען.

embol'den *v.* (עם-באול'דן) דרייסט מאכען, ערמוטיגען; מוטה.

embol'dener *n.* (עם-באול'דנ-ער) איינער אדער עפּעס וואס ערמוטיגט, גיט צו קוראזש.

em'bolism *n.* (עמ'-בא-ליזם) דאס צולעגען טעג אדער מאנאטען צו א געוויסער צייט-רעכענונג; דאס מאכען אן עבור [ווי למשל, דאס יאהר לויט דער אידישער צייט-רעכענונג האט 354 טעג. כדי אויסצוגלייכען די צייט-רעכענונג פון די אידען מיט דער צייט-רעכענונג פון די אנדערע פעלקער, וועלכע צעהלען אין יאהר 365 טעג, גיט זיך צו אין דער אידישער צייט-רעכענונג צו יעדען 3טען אדער 4טען יאהר אן איבריגער חודש אדער עבור].

embolis'mal *a.* (עם-בא-ליז'-מעל) וואס איז שייך צו אן עבור.

embolismat'ic *a.* (עם-בא-ליז-מעט'-איק) ז. *embolismal*

embolismat'ical *a.* (עם-בא-ליז-מעט'-אי-קעל) וואס האט אן עבור.

embolis'mic *a.* (עם-בא-ליז'-מיק) ז. *embolismal*

embolis'mical *a.* (עם-בא-ליז'-מי-קעל) ז. *embolismatical*

em'bolite *n.* (עמ'-בא-לאיט) דער עמבאליט [א מין געלבער אדער גרינער מינעראל, געפינט זיך אין טשילי און מעקסיקא].

em'bolus *n.* (עמ'-בא-לאס) דאס וואס איז אריינגעשטעלט אדער בעוועגט זיך אין אן אנדער זאך; דער קאלבען פון א פּומפּ.

embonpoint' *n.* (אנ-באהנ-פואן') גראבקייט, אונגעלומפערטקייט.

embor'der *v.* (עם-באהר'-דער) בעזוימען; בעפּוצען ווי מיט א זוים.

embos'om *v.* (עם-בוז'-אם) צודריקען צום הארצען; צערטלען, לאשטשען; איינשליסען, בעהאלטען.

emboss' *v.* (עם-באס') אויסקלאפּען אדער אויסדריקען בולט'ע פיגורען אין פערשיעדענע מאטעריאלען, ווי אין לעדער, בלעך, פּאפּיער א. ד. ג.].

embossed' *a.* (עם-באסט') אויסגעארבייט מיט בולט'ע פיגורען; אנגעבלאזען; מיט א הויקער; רעליעף.

embossed' map (עם-באסט' מעפּ) א לאנדקארטע וואס איז אויסגעארבייט געווארען מיט בולט'ע צייכנונגען.

emboss'er *n.* (עם-באס'-ער) איינער אדער עטוואס וואס דריקט אויס בולט'ע פיגורען.

emboss'ing *n.* (עם-באס'-אינג) דאס אויסקריצען בולט'ע פיגורען.

emboss'ment *n.* (עם-באס'-מענט) בולט'קייט, בולט'ע פיגורען.

embouchure' *n.* (אנ-בו-שיער') די עפענונג אדער דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים אדער אין אן אזיערע; א מונד-שטיק פון א מוזיקאלישען בלאז-אינסטרומענט; די שטעלונג פון דעם מויל ביים שפּיעלען מיט א בלאז-אינסטרומענט.

embow' *v.* (עם-באו') אויסבויגען ווי א דוגע.

embowed' *a.* (עם-באוד') אויסגעבויגען ווי א דוגע.

embow'el *v.* (עם-באו'-על) איינשליסען אדער בעהאלטען אין עטוואס; בעגראבען; ארויסנעהמען די געדערים אדער דעם איינגעווייד.

embow'eler *n.* (עם-באו'-על-ער) איינער וואס נעהמט ארויס דעם איינגעווייד אדער די געדערים.

embow'eller *n.* (עם-באו'-על-ער) ז. *emboweler*

embow'elment *n.* (עם-באו'-על-מענט) דאס ארויסנעהמען דעם איינגעווייד אדער די געדערים.

embow'elments *n.* (עם-באו'-על-מענטס) דער איינגעווייד; די געדערים.

embow'er *v.* (עם-באו'-ער) וואהנען אין א שאטען-בייזדעל אדער צווייגען-בייזדעל; בעשיצען מיט א שאטען-בייזדעל.

embox' *v.* (עם-באקס') איינפּאקען אין א שאכטעל; צוזעצען אין לאזשע אין א טעאטער.

embrace' *v. and n.* (עם-בריים') אומארמען, ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען; ארומכאפּען; אנכאפּען; איינשליסען; אננעהמען; נעהמען מיט חשק; פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.; אן אומארמונג; דאס ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען.

embrace' an of'fer (עם-בריים' ען אפ'-ער) אננעהמען א פארשלאג; זיך אנכאפּען אן א פארשלאג.

embrace' an opportu'nity (עם-בריים' ען א-פאר-טיו'-ני-טי) בענוצען א געלעגענהייט.

embraced' *a.* (עם-בריים'סט) צונויפגעשלאסען אדער צונויפגעבונדען צוזאמען.

embrace'ment *n.* (עם-בריים'-מענט) אן אומארמונג; א בערייטוויליגע אננאהמע.

embra'cer *n.* (עם-בריי'-סער) איינער וואס אומארמט אדער נעהמט ארום; איינער וואס פראבירט בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embra'cery *n.* (עם-בריי'-סער-אי) דאס פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embrace' the occa'sion (עם-בריים' טהי א-קיי'-זשאן) זיך נעהמען די געלעגענהייט.

embranche'ment *n.* (עם-ברענטש'-מענט) ז. *embranchment*

embranch'ment *n.* (עם-ברענטש'-מענט) א פערצווייגונג [פון בוימער, פון מינים, פון א געשעפט א. ד. ג.].

embran'gle *v.* (עם-ברענ'גל) שטארק פערפלאנטערען.

embran'glement *n.* (עם-ברענ'גל-מענט) א פלאנטער, א פערווירונג, א פערדרעהעניש.

em'brasure *n.* (עמ'-בריי-זשור) אן עמבראזור, א לאך אין א פעסטונגס-וואנד צום שיסען פון דארט מיט א קאנאָן.

embra'sure *n.* (עם-בריי'-זשור) דער פערגרעסערטער חלל וואס ווערט געמאכט אין א וואנד פאר א פענסטער אדער טהיר דורך דעם, וואס די אינווענינסטע זייטען פון חלל ווערען געמאכט אבגעשרעגט.

em'brocate *v.* (עמ'-ברא-קייט) איינרייבען מיט פליסיגקייט אדער זאלב [ווי מען טהוט עס מיט א נעשווילעכטס].

embroca'tion *n.* (עם-ברא-קיי'-שאן) די איינרייבונג פון א געשווילעכטס מיט א זאלב אדער פליסיגקייט.

embro'glio *n.* (עם-בראו'-ליאו) א פערפלאנטערונג, א פערווירונג, א פערוויקלונג.

embroi'der *v.* (עם-בראי'-דער) 1. שטיקען, העפטען, אויסנעהען; 2. אויספוצען

מיט שעהנע ווערטער; צופוצען, שעהנער מאכען ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.
2. The story has been considerably embroidered.

embroi'derer *n.* (עמ-בראי'-דער-ער) א שטיקער, א שטיקערין, א העפטער, א העפטעריץ, אן אויסנעהער, אן אויסנעהערין; איינער וואס פוצט אויס אדער פערציערט מיט שעהנע ווערטער.

embroi'dery *n.* (עמ-בראי'-דער-אי) שטיקעריי ארבייט; פערציערונג, בעפוצונג.

embroi'dery-frame *n.* (עמ-בראי'-דער-אי-פריים) א ראהם וואס ווערט געברויכט ביים אויסנעהען אדער שטיקען.

embroi'dery-nee'dle *n.* (עמ-בראי'-דער-אי-ניעדל) א שטיקעריי-נאדעל, א העפט-נאדעל.

embroi'dery-paste *n.* (עמ-בראי'-דער-אי-פייסט) אזא קליי וואס ווערט בענוצט ביי שטיקעריי ארבייט.

embroil' *v.* (עמ-בראיל') ארייננפלאנטערען, אריינשלעפען אין א צרה; פערפלאנטערען; ברייננגען אין אן אונארדנונג.

embroil'ment *n.* (עמ-בראיל'-מענט) פערפלאנטערונג, פערווירונג; אונארדנונג; דאס זיין פערפלאנטערט.

embrown' *v.* (עמ-בראון') מאכען ברוין אדער טונקעל; ווערען ברוין אדער טונקעל.

embrute' *v.* (עמ-ברוט') מאכען ברוטאל; ווערען ברוטאל.

em'bryo *n.* and *a.* (עמ'-ברי-או) דער עמבריא, די זאמען אין מוטער-לייב פון וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דאס קינד, די פרוכט אין מוטער-לייב אין סאמע אנפאנג פון דער ענטוויקלונג; דער פלאנצען-קיים, די פלאנצע וואס איז ענטהאלטען אין דעם זאמען בעפאר זי איז ארויסגעוואקסען; דער גאנץ ערשטער אנפאנג פון עטוואס, איידער עס האט זיך נאך אנגעפאנגען ענטוויקלען; דאס וואס האלט אין ווערען; וואס האלט אין אדוויסוואקסען, וואס האלט אין ווערען.

émbryoc'tony *n.* (עמ-ברי-אק'-טא-ני) דאס צושטערען דאס קינד אין מוטערס בויך, ווען די געבורט איז אונמעגליך.

embryogen'ic *a.* (עמ-ברי-א-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג פון אן ארגאניזם.

embryog'eny *n.* (עמ-ברי-אדזש'-ע-ני) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*

embryog'ony *n.* (עמ-ברי-אג'-א-ני) ז. *embryogeny*

em'bryograph *n.* (עמ'-ברי-א-גרעף) אזא אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון א פאטאגראפישען אפאראט און א מיקראסקאפ פאר דעם צוועק ארויסצונעהמען בילדער פון אן עמבריא.

embryog'raphy *n.* (עמ-ברי-אג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דעם עמבריא און זיין ענטוויקלונג. ז. *embryo*

embryolog'ic *a.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryolog'ical *a.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *embryologic*

embryolog'ically *adv.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו די פרינציפען פון עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryol'ogist *n.* (עמ-ברי-אל'-א-דזשיסט) א קענער אין עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*].

embryol'ogy *n.* (עמ-ברי-אל'-א-דזשי) עמבריאלאגיע, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. *embryo*

em'bryon *n.* (עמ'-ברי-אן) ז. *embryo*

em'bryonal *a.* (עמ'-ברי-אנ-על) וואס איז שייך צו אן עמבריא אדער צו דעם עמבריאנישען צושטאנד פון אן ארגאניזם.

em'bryonate *a.* (עמ'-ברי-אנ-אייט) וואס איז אין דעם צושטאנד פון אן עמבריא; וואס איז שייך צו אן עמבריא.

em'bryonated *a.* (עמ'-ברי-אנ-איי-טעד) ז. *embryonate*

embryon'ic *a.* (עמ-ברי-אנ'-איק) וואס איז שייך צו אן עמבריא; וואס איז אין דעם עמבריאנישען צושטאנד.

embryon'ically *adv.* (עמ-ברי-אנ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו אן עמבריא; אין אן עמבריאנישען צושטאנד.

embryoplas'tic *a.* (עמ-ברי-א-פלעס'-טיק) וואס איז שייך צו דער בילדונג פון אן עמבריא.

em'bryoscope *n.* (עמ'-ברי-א-סקאופ) אזא שפאקטיוו צו בעאבאכטען די ענטוויקלונג פון אן עמבריא.

embryot'ic *a.* (עמ-ברי-אט'-איק) ז. *embryonic*

embryoto'cia *n.* (עמ-ברי-א-טאו'-סי-א) א מפיל; דאס מפיל זיין.

embryot'omy *n.* (עמ-ברי-אט'-א-מי) די אנאטאמירונג, צושניידונג אדער צוגליעדערונג פון דעם עמבריא; דאס צושניידען דאס קינד אין מוטער-לייב.

emeer' *n.* (ע-מיער') אן עמיר. ז. *emir*

emend' *v.* (אי-מענד') צורעכטמאכען, פערבעסערען, אויסבעסערען.

emen'dable *a.* (אי-מענ'-דעבל) וואס מען קען פערבעסערען אדער צורעכטמאכען.

emen'date *v.* (אי-מענ'-דייט) ז. *emend*

emenda'tion *n.* (עמ-ענ-דיי'-שאן) די אויסבעסערונג פון פעהלער, די פעררריכטונג פון גרייזען אין א שריפט אדער בוך.
The manuscript was printed with many emendations.

em'endator *n.* (עמ'-ענ-דיי-טאר) א פערבעסערער, אן אויסבעסערער; איינער וואס פעררריכט גרייזען אין א שריפט אדער בוך.

emen'datory *a.* (אי-מענ'-דיי-טא-רי) וואס איז שייך צו אויסבעסערונגס ארבייט.

emen'der *n.* (אי-מענ'-דער) ז. *emendator*

em'erald *n.* and *a.* (עמ'-ע-רעלד) דער סמאראגד [אזא טייערער גרינער עדעלשטיין]; גרין ווי א סמאראגד. ז. איל. *"Gems"*

em'eralder *n.* (עמ'-ע-רעל-דער) אן אירלענדער [הומאריסטיש].

em'erald green (עמ'-ע-רעלד גריען) סמאראגד-גרין. ז. איל. *"Colors"*

em'eraldine *n.* (עמ'-ע-רעל-דין) דאס סמאראגד-גרין [א דונקעל-גרינע אנאלין-פארב].

Em'erald Isle (עמ'-ע-רעלד איל) דער סמאראגדען אינזעל, דער גרינער אינזעל [אירלאנד].

emerge' *v.* (אי-מוירדזש') ארויסקומען, ערשיינען, זיך בעווייזען; ענטשטעהן, אנפאנגען עקזיסטירען.

emer'gence *n.* (אי-מויר'-דזשענס) דאס ארויסקומען; דאס ערשיינען; דאס בעווייזען זיך; דאס ענטשטעהן.

emer'gency *n.* (אי-מויר'-דזשענ-סי) א נויט-פאל; אן אונערווארטעטער צופאל אדער נויט-פאל.

emer'gent *a.* (אי-מויר'-דזשענט) וואס ערשיינט, וואס בעווייזט זיך; ענטשטעהענד; אונפאראויסגעזעהן, אונערווארטעט; וויכטיג, דרינגענד.

emer'gently *adv.* (אי-מויר'-דזשענט-לי) דורך אן אונערווארטעטען צופאל; לויט דער פאדערונג פון די אומשטענדען.

'em'eril *n.* (עמ'-ע-ריל) א דימענט פון א גלעזער [צו שניידען גלאז].

emer'itus *a.* and *n.* (אי-מער'-אי-טאס) וואס האט זיך צוריקגעצויגען מיט עהרע פון דיענסט אדער אמט [צוליעב קראנקהייט אדער עלטער א. ד. ג.] און איז געבליבען ביים פולען טיטעל אדער ראנג; אין דער רוימישער געשיכטע — אן אויסגעדיענטער סאלדאט.
He is president emeritus of the university.

emer'sion *n.* (אי-מויר'-שאן) דאס ארויסקומען, דאס ערשיינען, דאס בעווייזען זיך.

Emerso'nian *a.* and *n.* (עמ-אויר-סאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דעם אמעריקאנער פילאזאף און פאעט ראלף וואלדא עמערסאן אדער צו זיינע שריפטען; אן אנהעננגער פון עמערסאן [געבארען אין 1803, געשטארבען אין 1882].

em'ery *n.* (עמ'-ע-רי) שמירגעל [א מין הארטער מינעראל וועלכען מען בענוצט צום שלייפען און פאלירען גלאז, שטיין, מעטאל א. ד. ג.].

em'ery-pa'per *n.* (עמ'-ע-רי-פיי'-פער) שמירגעל-פאפיער, זאמד-פאפיער וואס ווערט בענוצט צו שלייפען אדער פאלירען.

em'ery-wheel *n.* (עמ'-ע-רי-הוויעל) א ראד וואס איז בעדעקט מיט שמירגעל-פאפיער [זאמד-פאפיער], וועלכער ווערט בענוצט צום שלייפען און פאלירען.

emet'ic *a.* and *n.* (אי-מעט'-איק) וואס רופט ארוים ברעכען; א ברעך-מיטעל.

emet'ical *a.* (אי-מעט'-אי-קעל) וואס רופט ארוים ברעכען.

emet'ically *adv.* (אי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א שטייגער, וואס רופט ארוים ברעכען.

emetocathar'tic *a.* and *n.* (עמ-ע-טאו-קע-טהאר'-טיק) וואס רופט ארוים ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך; א מעדיצין וואס רופט ארוים ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך.

emetol'ogy *n.* (עמ-ע-טאל'-א-דזשי) די מעדיצינישע פארשונג וועגען ברעכען און ברעך-מיטעל.

e'meu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויס-עהנליכער פויגעל אין אויסטראליען, וועלכער האט נור דריי פוס-פינגער. ז. *emu*

émeute' *n.* (איי-מויט') א בונט; א טומעל.

e'mew *n.* (אי'-מיו) ז. *emu*

emica'tion *n.* (ע-מי-קיי'-שאן) דאס

שפריצען פונקען [ווי ביים שמיעדען אייזען].

emic'tion *n.* (אי-מיק'-שאן) אורין, השתנה; דאס משתין זיין, דאס לאזען אורין.

emic'tory *a. and n.* (אי-מיק'-טא-רי) וואס טרייבט אב אורין [השתנה]; א מעדיצין צום אבטרייבען אורין.

em'igrant *n. and a.* (עמ'-אי-גרענט) אן עמיגראנט, אן אויסוואנדערער; וואס איז שייך צו עמיגראציאן אדער עמיגראנטען; עמיגרירענד, אויסוואנדערענד.

em'igrant aid soci'ety (עמ'-אי-גרענט אייד סא-סאי'-ע-טי) א געזעלשאפט צו שטיצען עמיגראנטען [אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א געזעלשאפט וואס האט געהאט די אויפגאבע, הויפטזעכליך אין יאהר 1854, צו העלפען קאלאניזירען קאנזאס מיט עמיגראנטען פון די נארד שטאאטען, אום צו שטערען די איינוואנדערער פון דער שקלאפען־טרייבערישער זייט איינצופיהרען שקלאפעריי אין יענער טעריטאריע].

em'igrate *v.* (עמ'-אי-גרייט) עמיגרירען, אויסוואנדערען.

emigra'tion *n.* (עמ-אי-גריי'-שאן) עמיגראציאן, אויסוואנדערונג.

emigra'tional *a.* (עמ-אי-גריי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו עמיגראציאן [אויסוואנדערונג].

emigra'tionist *n.* (עמ-אי-גריי'-שאנ-איסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער. עמיגראציאנס־פראגע.

em'inence *n.* (עמ'-אי-נענס) א דערהויבונג, אן ארויסשטארצונג; אן אנגעזעהענער פלאץ אדער לאגע, א הויכער פלאץ; הויכע שטעלונג, ווירדע, ראנג א. ד. ג.; וויכטיגקייט, אנגעזעהענקייט; ערהאבענהייט; הויכע שטופע; עמינענץ [דער טיטול פון א קארדינאל].

em'inency *n.* (עמ'-אי-נענ-סי) ז. *eminence*

em'inent *a.* (עמ'-אי-נענט) עמינענט, הויך; ארויסשטארצענד; ערהאבען; וויכטיג, פראמינענט, בעריהמט, אנגעזעהן, אויסגעצייכענט; וואס האט די העכסטע מאכט.

Eminent authors were present at the banquet.

em'inently *adv.* (עמ'-אי-נענט-לי) אויף א הויכער שטופע; אויף אן אנגעזעהענעם שטייגער; מיט אויסצייכנונג, מיט פארנעהמקייט; אין העכסטען גראד; פאלקאמען; אבסאלוט.

emir' *n.* (ע-מיר') אן עמיר [ביי די אראבער און אנדערע מחמד'אנישע פעלקער — דער עלטסטער פון א פאמיליע אדער שבט, א הערשער; אין טערקיי — א הויכער בעאמטער].

em'issary *n. and a.* (עמ'-אי-סע-רי) אן עמיסאר, א שליח, אן אגענט [הויפטזעכליך א געהיים־אגענט, א שפיאן]; אן אויספלוס פאר וואסער, אן אבפיהרונגס־קאנאל; אן אבפיהרונגס־קאנאל אין קערפער; ארויסלאזענדיג; וואס מאכט אן אויספלוס אדער אויסגאנג; וואס איז שייך צו אן עמיסאר; פארשענד; שפיאנירענד.

em'issaryship *n.* (עמ'-אי-סע-רי-שיפ) דאס אמט פון אן עמיסאר. ז. *emissary*

emis'sion *n.* (אי-מיש'-אן) דאס ארויסלאזען, דאס ארויסווארפען; אויסשטרעמונג, אויספלוס; א געוויסע צאהל געלד, באנקנאטען א. ד. ג., וואס ווערט איינציטיג ארויסגעלאזט אין אומגאנג; אין פיזיאלאגיע — אן אויספלוס, הויפטזעכליך אן אונפרייוויליגער אויספלוס פון זרע.

emis'sive *a.* (אי-מיס'-איוו) ארויסלאזענדיג, אויספליסענדיג, אויסשטרעמענדיג, אויסשטראהלענדיג [ווי ליכט]; וואס איז שייך צו ניוטאן'ס לעהרע וועגען ליכט [די בעהויפטונג, אז דאס ליכט קומט דערפון, וואס קליינע טיילעכלעך פון דעם לייכטענדען שטאף אדער קערפער טיילען זיך אב פון איהם].

emis'sive pow'er (אי-מיס'-איוו פאו'-ער) די פעהיגקייט אויסצושטרעמען אדער ארויסצולאזען פון זיך ליכט אדער היץ. ז. *radiating power*

em'issory *a.* (עמ'-אי-סא-רי) ארויסלאזענדיג, אויסשטרעמענדיג. אויספליסענדיג.

emit' *v.* (אי-מיט') ארויסלאזען, ארויסווארפען; אויספליסען, אויסשטרעמען, ברייגגען אין אומגאנג [געלד, באנקנאטען א ד. ג.]; ארויסגעבען א בעפעהל אדער בעשטימונג.

Emman'uel *n.* (ע-מענ'-יו-על) ז. *Immanuel*

emmenagog'ic *a.* (ע-מענ-ע-גאדזש'-איק) וואס איז שייך צו א מעדיצינישען מיטעל ארויסצורופען מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען]; וואס רופט ארויס מענסטרואציע.

emmen'agogue *n.* (ע-מענ'-ע-גאג) א מעדיצינישער מיטעל ארויסצורופען מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען].

emmenolog'ical *a.* (ע-מענ-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דעם טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען].

emmenol'ogy *n.* (עמ-ע-נאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואציע [רעגעל, פעריאדע, מאנאטליכע — ביי פרויען].

em'met *n.* (עמ'-עט) א מוראשקע.

emmew' *v.* (ע-מיו') איינשפארען; בעהאלטען.

èmolles'cence *n.* (עמ-א-לעס'-ענס) דאס ווייך ווערען, דאס צוקראכען ווערען [ווען עטוואס האלט ביים צושמאלצען ווערען].

emol'liate *v.* (אי-מאל'-יעיט) מאכען ווייך, שוואך אדער פרויען־עהנליך.

emol'lient *n. and a.* (אי-מאל'-יענט) וואס מאכט ווייך; עטוואס מיט וואס מען מאכט ווייך.

emol'ument *n.* (אי-מאל'-יו-מענט) נוצען; נוצען אדער איינקונפט [פון אן אמט]; בעלוינונג; פראפיט; פארטייל; נעבען־איינקונפט; געווינס.

emolumen'tal *a.* (אי-מאל-יו-מענ'-טעל) ניצליך, איינטרעגליך.

emo'tion *n.* (אי-מאו'-שאן) אויפרעגונג פון געמיטה; אויפרעגונג פון געפיהלען; ריהרונג.

emo'tional *a.* (אי-מאו'-שאנ-על) וואס ריהרט, וואס וועקט די געפיהלען; וואס ווירקט אויף די געפיהלען; וואס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואס דריקט אוים ריהרונג אדער געמיטהס־אויפרעגונג.

emo'tionalism *n.* (אי-מאו'-שאנ-על-איזם) דאס זיין געניינט צו געמיטהס־אויפרעגונג אדער געריהרט צו ווערען; דאס ווירקען אויף די מאמענטאנע געפיהלען.

emo'tionalist *n.* (אי-מאו'-שאנ-על-איסט) איינער אין וועמען מען קען לייכט ארויסרופען אן אויפרעגונג פון געמיטה אדער פון געפיהלען; איינער וואס ווערט געפיהרט פון זיינע לייכט אויפרעגבארע געפיהלען; איינער וואס שטרעבט נור צו ווירקען דורך דער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emotional'ity *n.* (אי-מאו-שאנ-על'-אי-טי) דאס זיין געניינט צו געמיטהס־אויפרעגונג אדער געריהרט צו ווערען; דאס אויסדריקען געמיטהס־אויפרעגונג אדער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emo'tive *a.* (אי-מאו'-טיוו) ריהרענד, וואס רעגט אויף דעם געמיטה, וואס צייגט ארויס געמיטהס־אויפרעגונג.

emo'tively *adv.* (אי-מאו'-טיוו-לי) אויף א ריהרענדען אופן; דורך געמיטהס־אויפרעגונג.

empale' *v.* (עמ-פייל') ארומצאמען אדער פערצאמען מיט פלעקער, בעפעסטיגען מיט פלעקער; שטעלען זייט ביי זייט; היגריכטען דורך אוועקזעצען אויף א שפיציגען פלאקען; טויטען דורך דורכשטעכען מיט א שפיציגער זאך.

empaled' *a.* (עמ-פיילד') פערצאמט אדער בעפעסטיגט מיט פלעקער; געשטעלט זייט ביי זייט; הינגעריכטעט דורך ארויפזעצען אויף א שפיציגען פלאקען.

empale'ment *n.* (עמ-פייל'-מענט) דאס ארומצאמען מיט פלעקער; דער פלאץ וועלכער איז ארומגעצאמט מיט פלעקער; דאס הינריכטען דורך אוועקזעצען אויף א שפיציגען פלאקען.

empan'el *v.* (עמ-פענ'-על) פערשרייבען אין ליסט פון געריכטס־געשווארענע; פאררופען נאך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס־געשווארענע].

empan'elment *n.* (עמ-פענ'-על-מענט) דאס פערשרייבען אין דער ליסט פון געריכטס־געשווארענע; דאס פאררופען נאך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס־געשווארענע].

emparch'ment *v.* (עמ-פארטש'-מענט) שרייבען אויף פארמעט.

empasm' *n.* (עמ-פעזם') א פולווער צו בעזייטיגען א שלעכטען גערוך.

em'peror *n.* (עמ'-פויר-אר) א קייזער; א נאמען פון געוויסע שמעטערלינגע, פויגלען און אויך שלאנגען.

em'peror-moth *n.* (עמ'-פויר-אר-מאטה) א מין שמעטערלינג אדער זומער־פויגעלע, וואס פליהט אום נור ביי נאכט.

em'perorship *n.* (עמ'-פויר-אר-שיפ) דאס קייזערטום, די מאכט פון א קייזער.

em'pery *n.* (עמ'-פויר-אי) די אימפעריע, די מלוכה; די ממשלה; די הערשאפט פון א קייזער.

em'phasis *n.* (עמ'-פע-סיס) די שטארקע בעטאנונג אדער אונטערשטרייכונג פון ווערטער; דער מעכטיגער אויסדרוק.

em'phasize *v.* (עמ'-פע-סאיז) 1. ארויסזאגען אדער אויסדריקען מיט קראפט; 2. שטארק בעטאנען אדער אונטערשטרייכען די ווערטער.

1. The speaker emphasizes his remarks with gestures. 2. To emphasize a thought we underline the important words.

emphat'ic *a.* (עמ-פעט'-איק) נאכדריקליך, אויסגעדריקט מיט קראפט; איינדרוקספאל, קרעפטיג.

emphat'ical *a.* (עמ-פעט'-אי-קעל) ז. *emphatic*

emphat'ically *adv.* ‎(עמ-פעט'-אי-קעל-אי) מיט נאכדרוק, מיט אן אײנדרוקספאָלער שטימע; אויף א קרעפטיגען אויסדרוקס אופן.

emphyse'ma *n.* ‎(עמ-פי-סי'-מא) א ווינדגעשווילעכץ.

emphysem'atose *a.* ‎(עמ-פי-סעמ'-ע-טאוס) ז. ***emphysematous***

emphysem'atous *a.* ‎(עמ-פי-סעמ'-ע-טאס) ווי א ווינדגעשווילעכץ; וואס איז שייך צו א ווינדגעשווילעכץ.

em'pire *n.* ‎(עמ'-פאיר) אן אימפעריע, א קייזער-רייך, א קייזערטום; די אלערהעכסטע מאכט.

Em'pire Cit'y ‎(עמ'-פאיר סיט'-אי) די שטאדט ניו יארק.

em'pireship *n.* ‎(עמ'-פאיר-שיפ) דאס קייזערטום; די קייזערליכע מאכט.

Em'pire State ‎(עמ'-פאיר סטייט) דער שטאאט ניו יארק.

Empir'ic *n.* ‎(עמ-פיר'-איק) איינער פון דער עמפירישער מעדיצינישער סעקטע אין אלטען גריכענלאנד, וועלכע האט בעהויפטעט, אז דער פונדאמענט פון דער וויסענשאפטליכער מעדיצין איז די ערפאהרונג און נים די טעאריע.

empir'ic *a. and n.* ‎(עמ-פיר'-איק) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג; ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; איינער וואס פראקטיצירט מעדיצין פון ערפאהרונג, נים האבענדיג געלערענט; א שארלאטאנישער מעדיקער; איינער וואס האט נים געלערענט און מיינט אז ער קען אלעס פון ערפאהרונג.

empir'ical *a.* ‎(עמ-פיר'-אי-קעל) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג; ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; מארק-שרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'ically *adv.* ‎(עמ-פיר'-אי-קעל-אי) אויף אן עמפירישען אופן; ערפאהרונגסמעסיג; נים וויסענשאפטליך; מארקשרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'icism *n.* ‎(עמ-פיר'-אי-סיזם) עמפיריציזם, דאס גלויבען אין ערפאהרונג מעהר אלס אין טעאריע; דער פרינציפ, אז נור דאס וואס איז בעוואוסט פון ערפאהרונג איז ריכטיג; די עמפירישע מעטאדע [די מעטאדע וואס בויט אויף ערפאהרונג און נים אויף טעאריע]; דאס פראקטיצירען מעדיצין נים האבענדיג געלערענט; די פרעטענזיעס פון אן עם-הארץ אויף מעדיצינישע קענטשאפט; אין פילאזאפיע — די בעהויפטונג, אז אלע אידעען שטאמען אב נור פון ערפאהרונגען.

empir'icist *n.* ‎(עמ-פיר'-אי-סיסט) אן עמפיריקער, איינער וואס גלויבט, אז אלע אידעען שטאמען ארויס נור פון ערפאהרונג; א דאקטאר פון ערפאהרונג אבער נים פון שטודיום.

empir'ic rem'edy ‎(עמ-פיר'-איק רעמ'-ע-דיי) א הויזמיטעל; א באבסקע רפואה.

emplas'tic *a. and n.* ‎(עמ-פלעס'-טיק) קלעפעדיג; א קלעפעדינער שטאף; א מעדיצין געגען א לויזען מאגען.

employ' *v. and n.* ‎(עמ-פלאי') בעשעפטיגען; געברויכען; פערווענדען; דער געברויך; די אנווענדונג; די בעשעפטיגונג; די אנשטעלונג.

employ'able *a.* ‎(עמ-פלאי'-עבל) ברויכבאר, אנווענדבאר.

employé' *n.* ‎(אנ-פלוא-יעי') ז. ***employee***

employee' *n.* ‎(עמ-פלאי-אי') אן אנגעשטעלטער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי א צווייטען.

employ'er *n.* ‎(עמ-פלאי'-ער) אן ארבייט-געבער; איינער וואס גיט בעשעפטיגונג.

employ' funds ‎(עמ-פלאי' פאנדז) אנווענדען אדער פערברויכען געלד אין עטוואס.

employ'ment *n.* ‎(עמ-פלאי'-מענט) בעשעפטיגונג.

emplume' *v.* ‎(עמ-פלוהם') בעפוצען מיט פעדערען.

empo'rium *n.* ‎(עמ-פאו'-רי-אם) א מארק-פלאץ; א האנדעלס פלאץ; א באזאר; א האנדעלס-שטאדט.

empow'er *v.* ‎(עמ-פאו'-ער) בעפאלמעכטיגען, געבען א כח.

empresa'rio *n.* ‎(עמ-פרע-סא'-רי-או) א געשעפטס-אונטערנעהמער; אן אונטערנעהמער וואס האט א קאנצעסיאן פון א רעגירונג אדער פון א שטאדט פערוואלטונג.

em'press *n.* ‎(עמ'-פרעס) א קייזערין.

empresse'ment *n.* ‎(אנ-פרעס'-מאן) הערצליכקייט; לעבהאפטער פערלאנג; שטארקער חשק.

emprise' *n.* ‎(עמ-פראיז') אן אונטערנעהמונג.

emp'tier *n.* ‎(עמפ'-טי-ער) אן אויסלעדיגער, עטוואס וואס לעדיגט אויס.

emp'tiness *n.* ‎(עמפ'-טי-נעס) פוסטקייט, לעדיגקייט; זינלאזיגקייט; אונוויסענהייט.

emp'tins *n.* ‎(עמפ'-טינז) ז. ***emptyings***

emp'tion *n.* ‎(עמפ'-שאן) דער קויף, דער איינקויף.

emp'ty *a., n. and v.* ‎(עמפ'-טי) פוסט, לעער, לעדיג; אומזיסטנד; זינלאז; ווירקונגסלאז; ניכטסווירדיג; ניכטער; הונגעריג, פאסטענד; אונפרוכטבאר; מאגער; א לעדיגע כלי; אויסלעדיגען, מאכען פוסט; אויסגיסען; ווערען לעדיג אדער פוסט; זיך אויסגיסען.

emp'ty-han'ded *a.* ‎(עמפ'-טי-הענ'-דעד) מיט לעדיגע הענד.

emp'ty-head'ed *a.* ‎(עמפ'-טי-העד'-עד) מיט א פוסטען קאפ.

emp'ty-hear'ted *a.* ‎(עמפ'-טי-האר'-טעד) הארצלאז.

emp'tying *n.* ‎(עמפ'-טי-אינג) דאס מאכען לעדיג אדער פוסט; דאס וואס ווערט אויסגעלעדיגט.

emp'tyings *n.* ‎(עמפ'-טי-איננז) הייוועו וואס שטעהט זיך אב פון ביער.

emp'ty purse ‎(עמפ'-טי פוירס) א לעדיגער בייטעל.

empur'ple *v.* ‎(עמ-פויר'-פל) פארבען פורפור-רויט.

empye'ma *n.* ‎(עמ-פי-אי'-מא) די אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט-פעל.

empyem'ic *a.* ‎(עמ-פי-עמ'-איק) וואס ליידעט פון אן אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט-פעל.

empyre'al *a.* ‎(עמ-פי-רי'-על) פון רייגעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין.

empyre'an *a. and n.* ‎(עמ-פי-רי'-ען) פון רייגעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש-קלאר אדער ריין; די הויכע הימלישע געגענדען פון רייגעם פייער און ליכטיגקייט; דער העכסטער הימעל פון רייגעם פייער און ליכט [לויט דעם גלויבען אין די אלטע צייטען איז דאס דער פייער הימעל].

empyreu'ma *n.* ‎(עמ-פי-רו'-מא) דער אונאנגענעהמער ריח וואס ווערט ארויסגעגעבען פון ארגאנישע קערפער [ווי פלאנצען און חיות] ווען מען פערברענט זיי אין א פערמאכטער כלי.

empyreumat'ic *a.* ‎(עמ-פי-רו-מעט'-איק) וואס שמעקט מיט צוגעברענטע, וואס האט דעם ריח פון צוגעברענטע פלייש אדער צוגעברענטע גרינסען.

empyreumat'ical *a.* ‎(עמ-פי-רו-מעט'-אי-קעל) ז. ***empyreumatic***

e'mu *n.* ‎(אי'-מיו) א גרויסער שטרויס-עהנליכער פויגעל אין אויסטראליען מיט דריי פוס-פינגער; אזא זארט אויסטראלישעס האלץ.

Emu

em'ulate *v.* ‎(עמ'-יו-לייט) שטרעבען מיט אימעצען זיך צו פערגלייכען אדער איהם אריבערצושטייגען.

The pupils should **emulate** the brightest boys in the class.

emula'tion *n.* ‎(עמ-יו-ליי'-שאן) דאס בעשטרעבען זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulative *a.* ‎(עמ'-יו-ליי-טיוו) קאנקורירענד, וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatively *adv.* ‎(עמ'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, שטרעבענדיג זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulator *n.* ‎(עמ'-יו-ליי-טאר) א קאנקורענט; איינער וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatory *a.* ‎(עמ'-יו-ליי-טא-רי) ז. ***emulative***

emul'gent *a. and n.* ‎(אי-מאל'-דזשענט) אין אנאטאמיע — וואס ציהט ארויס [בנוגע צו די אדערען און די ניערען, וועלכע ציהען ארויס די אורין (השתנה) פון דעם בלוט]; א מעדיצינישעס מיטעל וואס מאכט שנעלער די פליסונג פון גאל.

emul'gent ves'sels ‎(אי-מאל'-דזשענט וועס'-עלז) די אדערען וואס געפינען זיך אין די ניערען.

em'ulous *a.* ‎(עמ'-יו-לאס) ז. ***emulative***

em'ulously *adv.* ‎(עמ'-יו-לאס-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, סטארענדיג זיך אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

em'ulousness *n.* ‎(עמ'-יו-לאס-נעס) דאס זיין אייפערזיכטיג; דאס סטארען

זיך צו זיין גלייך אדער אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

emul'sifier *n.* (אי-מאל'-סי-פאי-ער) איינער וואס בויטשעט אויף אדער קלאפט פאנאנדער א פעטע זאך [ווי פוטער, שמאלץ א. ד. ג.] איז א פליסיגקייט.

emul'sify *v.* (אי-מאל'-סי-פאי) אויפבויטשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך אין א פליסינקייט.

emul'sion *n.* (אי-מאל'-שאן) עמולסיאן אדער זאמען=מילך [א מין מילך וואס בעקומט זיך פון אויפבויטשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך, ווי אויל, שמאלץ א. ד. ג., אדער קליינינקע קערנדלעך אין א פליסיגקייט].

emul'sionize *v.* (אי-מאל'-שאנ-איז) ז. *emulsify*

emul'sive *a.* (אי-מאל'-סיוו) ווייך מאכענד; אויפבויטשענד אדער פאנאנדערקלאפענד א פעטע זאך אין א פליסיגקייט.

ena'ble *v.* (ע-ניי'בל) מאכען פעהיג, מאכען אין שטאנד.

Education enables one to improve his material condition.

ena'blement *n.* (ע-ניי'בל-מענט) דאס פעהיג מאכען.

enact' *v.* (ע-נעקט') בעשליסען, פארשרייבען אדער בעפעהלען [לויט געזעץ]; מאכען פאר א געזעץ [א געזעץ=פארשלאג]; טהאן, מאכען; שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע], פארשטעלען, פערזאניפיצירען.

enact'ing clause (ע-נעקט'-אינג קלאהז) דער אנפאנג=פאראגראף פון א געזעץ וואס פאנגט זיך אן מיט די ווערטער:

"Be it enacted by..."

enac'tive *a.* (ע-נעק'-טיוו) וואס האט די מאכט געזעצליך פארצושרייבען אדער מאכען א געזעץ.

enact'ment *n.* (ע-נעקט'-מענט) דאס פארשרייבען אדער בעפעהלען געזעצליך; דאס מאכען פאר א געזעץ [א געזעץ=פארשלאג]; א געזעץ, א געזעצליכע פארשריפט; דאס שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע].

enac'tor *n.* (ע-נעק'-טאר) איינער וואס מאכט א געזעץ.

enal'lage *n.* (ע-נעל'-איי-דזשי) אין גראמאטיק — די אנאלאגע, די פערבייטונג פון איין גראמאטישער פארם פון א ווארט אויף אן אנדערער אדער פון איין ווארט אויף אן אנדערען [למשל: דער געברויך אין ליטעראַרישע ווערק פון "מיר" אנשטאט "איך"].

enam'bush *v.* (ענ-עמ'-בוש) בעהאלטען [אין א לויערונגס=ארט].

enam'el *n. and v.* (ע-נעמ'-על) עמאל; גלאזור; עטוואס וואס איז גלאט און גלאנציג ווי גלאזור; צייהנער=עמאל [די אויבערשטע שיכט פון די צייהנער]; גלאנץ, פאליר; שמירעכץ פאר'ן געזיכט צו מאכען די הויט פריש און שעהן; גלאזירען, ארויפלעגען גלאזור [אויף געשיר]; בעציערען מיט גלאזור אדער עמאל; מאכען גלאנציג און גלאט [ווי גלאזור].

enam'eled pa'per (ע-נעמ'-עלד פיי'-פער) גלאזור=פאפיער, קרייד=פאפיער, וויזיט=קארטען=פאפיער.

enam'eler *n.* (ע-נעמ'-על-ער) ז. *enameller*

enam'eller *n.* (ע-נעמ'-על-ער) איינער וואס גלאזירט אדער בעציערט מיט עמאל.

enam'or *v.* (ע-נעמ'-אר) מאכען פערליעבט; אנצינדען מיט ליעבע, בעצויבערען; שטארק צובינדען.

He is enamored in his own ideas.

enanthe'sis *n.* (ענ-ען-טהי'-סיס) אן אויסשלאג אדער אויסשיטונג אויף דער הויט פון אן אינערליכער קראנקהייט, ווי פון טיפוס=פיבער, מאזלען א. ד. ג.

enantio'sis *n.* (ע-נען-טי-או'-סיס) אן ארט אויסדרוק וואו א זאך ווערט בעהויפטעט ניט דירעקט, נאר דורך דער פערנייינונג פון איהר געגענזאץ [ווי למשל: "ער איז ניט קיין נאר" אנשטאט "ער איז א קלוגער"].

e'nate *a.* (אי'-נייט) ארויסוואקסענד, וואס וואקסט ארויס; וואס איז א קרוב פון דער מוטער'ס צד.

encage' *v.* (ענ-קיידזש') איינשפארען אין א שטייג; איינשפארען.

encalm' *v.* (ענ-קאהם') אוועקלעגען רוהיג, שטיל.

encamp' *v.* (ענ-קעמפ') לאגערען, מאכען א לאגער.

encamp'ment *n.* (ענ-קעמפ'-מענט) דאס לאגערען; א לאגער.

encar'pus *n.* (ענ-קאר'-פאס) אין ארכיטעקטור — א סקולפטור=ארבייט אויף א וואנד פון א געביידע אין דער פארם פון א גירלאנדע מיט פרוכטען, בלעטער אדער בלומען.



Encarpus

encase' *v.* (ענ-קייס') איינשליסען.

encase'ment *n.* (ענ-קייס'-מענט) איינשליסונג.

encash' *v.* (ענ-קעש') איינקאסירען, איינמאהנען שולדען [אויף וועקסלען].

encash'ment *n.* (ענ-קעש'-מענט) איינקאסירונג פון שולדען [אויף וועקסלען].

encaus'tic *a. and n.* (ענ-קאהס'-טיק) ענקוסטיש, וואס איז שייך צו דער מאהלעריי מיט וואקס אדער מיט וואקספארבען; די מאהלעריי אין וואקס, דאס איינברענען פיגורען אין וואקס.

encaus'tic pain'ting (ענ-קאהס'-טיק פיינ'-טינג) וואקס=מאהלעריי.

encaus'tic tile (ענ-קאהס'-טיק טאיל) ענקוסטישע ציגעל [גלאזירטע ציגעל מיט בולט'ע פיגורען].

encave' *v.* (ענ-קייוו') בעהאלטען [אין א הייל אדער ווי אין א הייל].

enceinte' *a. and n.* (אנ-סענט') שוואנגער, מעוברת; א פעסטונגס=וואנד וואס רינגעלט ארום א פלאץ.

encephal'ic *a.* (ענ-סע-פעל'-איק) וואס איז שייך צום מארך; וואס געפינט זיך אין קאפ אדער אין שארבען.

encephalit'ic *a.* (ענ-סעפ-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו, אדער וואס ליידט פון מארך=ענטצינדונג.

encephali'tis *n.* (ענ-סעפ-ע-לאי'-טיס) מארך=ענטצינדונג.

enceph'aloid *a.* (ענ-סעפ'-ע-לאיד) וואס איז עהנליך צום מארך=שטאף.

enceph'aloid can'cer (ענ-סעפ'-ע-לאיד קענ'-סער) אזא מין ראק אדער קרעבס=קראנקהייט.

encephalol'ogy *n.* (ענ-סעפ-ע-לאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן געהירן.

encephalo'ma *n.* (ענ-סעפ-ע-לאו'-מא) ז. *encephaloid cancer*

encephalomala'cia *n.* (ענ-סעפ-ע-לא-מע-ליי'-סי-א) געהירן=ערווייכונג [אזא קראנקהייט].

enceph'alon *n.* (ענ-סעפ'-ע-לאן) דער מארך, די געהירן.

enceph'alous *a.* (ענ-סעפ'-ע-לאס) וואס האט א קאפ [וועגען געוויסע מאלוסקען].

enchafe' *v.* (ענ-טשייף') דערוואַרימען, דערהיצען; זיך דערהיצען; רייצען, אויפרעגען.

enchain' *v.* (ענ-טשיין') איינקייטען, שמידען אין קייטען; פערשקלאפען; שטארק צוהאלטען; צוריקהאלטען; איינשרענקען, ארומצאמען; צונויפקייטען, פערבינדען.

enchain'ment *n.* (ענ-טשיינ'-מענט) דאס שמידען אין קייטען; דאס זיין געשמידט אין קייטען; צוזאמענבינדונג, צוזאמענהאלטונג, צוזאמענקייטונג; שקלאפעריי.

enchant' *v.* (ענ-טשענט') טהאן כשוף; כשוף'ען, בעצויבערען; ענטציקען.

enchan'ter *n.* (ענ-טשענ'-טער) א כשוף=מאכער, א צויבערער; איינער וואס בעצויבערט אדער ענטציקט.

enchan'ting *a.* (ענ-טשענ'-טינג) בעצויבערענד; צויבערליך; ענטציקענד.

enchan'tingly *adv.* (ענ-טשענ'-טינג-לי) אויף א בעצויבערענדען אדער ענטציקענדען אופן.

enchant'ment *n.* (ענ-טשענט'-מענט) כשוף, בעצויבערונג; צויבער, ענטציקונג.

enchan'tress *n.* (ענ-טשענ'-טרעס) א כשוף=מאכערין, א צויבערין; א פרוי וואס בעצויבערט אדער ענטציקט.

enchase' *v.* (ענ-טשייס') איינפאסען [דימאנטען]; בעפוצען, בעציערען א זאך; איינגראווירען.

encha'sing *n.* (ענ-טשיי'-סינג) איינפאסונג; דאס בעפוצען אדער בעציערען א זאך.

encho'rial *a.* (ענ-קאו'-רי-על) וואס בעלאנגט צו אדער וואס ווערט בענוצט אין א בעשטימטען לאנד; ארטיג, לאקאל; פאלקסטימליך.

encho'ric *a.* (ענ-קאו'-ריק) ז. *enchorial*

encho'rious *a.* (ענ-קאו'-רי-אס) ז. *enchorial*

enchoris'tic *a.* (ענ-קא-ריס'-טיק) ז. *enchorial*

en'chyma *n.* (ענ'-קי-מא) די זאפט וואס בילדעט זיך אויס פון כימאס [די איבערגעקאכטע שפייז וואס געהט אריבער פון מאגען אין די געדערים] און וועלכע ווירקט מיט אין דער אויסבילדונג פון נייע צעלען אין ארגאניזם.

encir'cle *v.* (ענ-סויר'קל) ארומרינגלען; מאכען א קרייז ארום און ארום; בעוועגען זיך ארום עפעס אין א קרייז=ריכטונג; ארומגארטלען; ארומנעהמען.

enclave' *v. and n.* (אנ-קלעוו') איינשליסען אדער ארומרינגלען א געוויסעס לאנד מיט די טעריטאריען פון אן אנדער מלוכה; א לאנד וואס איז ארומגערינגעלט מיט די טעריטאריען פון אן אנדער מלוכה [ווי למשל, דאס קליינע לאנד "מאנאקא"

איז ארומגערינגעלט מיט טעריטאריען וואס בעלאנגען צו פראנקרייך, ד. ה. דיזע קליינע מלוכה איז איינגעשלאסען אין דער פראנצויזישער מלוכה].

enclave'ment *n.* (ענ-קלעוו'-מאַן) דאס זיין איינגעשלאסען אין די גרענעצען פון אן אנדער מלוכה.

enclit'ic *n.* and *a.* (ענ-קליט'-איק) די ענקליטיקא, א ווארט וואס האט אנגעווארען זיין אקצענט און איז צוזאמענגעבען געווארען אלס אן איינפאכע זילבע צום ווארט וועלכעס שטעהט פריהער [ווי דאס ווארט *not* אין *can't*]; ענקליטיש, וואס איז שייך צו אן ענקליטיקא.

enclois'ter *v.* (ענ-קלאיס'-טער) איינשפארען אין א מאנאסטיר.

enclose' *v.* (ענ-קלאוז') איינשליסען; ארומצאמען; ענטהאלטען.

enclosed' *a.* (ענ-קלאוזד') איינגעשלאסען, צוגעלעגט.

enclo'ser *n.* (ענ-קלאו'-זער) דער וואס שליסט איין; דער וואס לעגט צו.

enclo'sure *n.* (ענ-קלאו'-זשור) 1. אן איינגעשלאסענער אדער פערצאמטער ארט; 2. די איינשליסונג.

1. The baby is playing in an enclosure.

encloud' *v.* (ענ-קלאוד') בעדעקען מיט וואלקענס; ארויפווארפען א שאטען.

encof'fin *v.* (ענ-קאפ'-אין) אריינלעגען אין א טרונע.

enco'miast *n.* (ענ-קאו'-מי-עסט) א פאנעגיריסט, א לויב־רעדנער; איינער וואס לויבט און זאגט שבחים אויף אן אנדערען.

encomias'tic *a.* (ענ-קאו-מי-עס'-טיק) וואס ענטהאלט לויב אדער שבחים.

encomias'tical *a.* (ענ-קאו-מי-עס'-טי-קעל) ז. *encomiastic*.

encomias'tically *adv.* (ענ-קאו-מי-עס'-טי-קעל-אי) אויף א פאנעגירישען שטייגער; דורך לויבען און זאגען שבחים.

enco'mium *n.* (ענ-קאו'-מי-אם) פאנעגיריק, לויב; א לויב־שריפט אדער לויב־רעדע.

encom'pass *v.* (ענ-קאמ'-פעס) ארומרינגלען; ארומקרייזען, איינשליסען.

encom'pass the world (ענ-קאמ'-פעס טהי הווארלד) מאכען א רייזע ארום דער ערד.

encore' *adv., n.* and *v.* (אנ-קאור') נאך אמאל; דאס שרייען "נאך אמאל!" אדער "ביס" [אין טעאטער]; די איבער'חזר'ונג פון א געוויסער פארשטעלונג אין א טעאטער; ארויסרופען נאך אמאל די אקטיארען.

encoun'ter *n.* and *v.* (ענ-קאונ'-טער) א פלוצליכע צוזאמענטרעפונג, א בעגעגניש; א קאנפליקט, א געפעכט; בעגעגענען; אנגרייפען; זיך שטעלען געגען; קעמפפען, פעכטען; אויסהאלטען.

encoun'terer *n.* (ענ-קאונ'-טער-ער) אן אפאנענט, א געגנער, א פיינד.

encour'age *v.* (ענ-קאר'-עדזש) ערמוטיגען, אויפמונטערען, צוגעבען קוראזש.

encour'agement *n.* (ענ-קאר'-עדזש-מענט) די אויפמונטערונג, ערמוטיגונג, דאס צוגעבען קוראזש.

encour'ager *n.* (ענ-קאר'-עדזש-ער) אן אויפמונטערער; דער וואס גיט צו מוטה; איינער וואס שטיצט אן אונטערנעהמונג.

encour'aging *a.* (ענ-קאר'-עדזש-אינג) אויפמונטערענד, צוגעבענד מוטה.

encour'agingly *adv.* (ענ-קאר'-עדזש-אינג-לי) צוגעבענדיג קוראזש, דורך ערמוטיגונג.

En'cratism *n.* (ענ'-קרע-טיזם) ענקראטיזם, די לעהרע פון געוויסע אמאליגע קריסטליכע סעקטען, אז די געשלעכטליכע פעראייניגונג פון א מאנספערזאן און פרויענצימער, אין וועלכער פארם דאס זאל ניט זיין, איז א אונריינינקייט און א גרויסע זינד.

en'craty *n.* (ענ'-קרע-טי) זעלבסט־בעהערשונג, זעלבסט־קאנטראל; דאס אבזאגען זיך פון עולם־הזה־זאכען; דאס פייניגען דעם גוף דורך תעניתים און סגופים.

encrim'son *v.* (ענ-קרימ'זן) פארבען אויף רויט.

encrim'soned *a.* (ענ-קרימ'זנד) שטארק רויט געפארבט.

en'crinite *n.* (ענ'-קרי-נאיט) ענקריניט, ליליענשטיין, פערשטיינערטע קרינאאידען. ז. *Crinoidea*.



Encrinite

encroach' *v.* (ענ-קראוטש') 1. פערכאפען, פערנעהמען עפעס; 2. מאכען אן אנגריף.

1. The building encroaches upon the neighbor's lot. 2. I shall resist any one who encroaches upon my rights.

encroa'cher *n.* (ענ-קראו'-טשער) אן אנגרייפער; איינער וואס פערכאפט דעם אנדערענס רעכט אויף עפעס.

encroa'chingly *adv.* (ענ-קראו'-טשינג-לי) דורך אן אנגריף.

encroach'ment *n.* (ענ-קראוטש'-מענט) די אנגרייפונג, אן אנגריף; דאס פערכאפען איינעמס רעכט אויף עפעס; דאס וואס איז פערכאפט געווארען.

encroach' upon' one's kind'ness (ענ-קראוטש' א-פאן' הוואנז קאינד'-נעס) אויסנוצען איינעמס גוטסקייט; געהן איבער דער מאס אין אויסנוצען אימעצען.

encrust' *v.* (ענ-קראסט') ארומלעגען, בעדעקען מיט עפעס; פערזשאווערט ווערען, בעדעקען זיך מיט שימעל.

en cuer'po (ען קהווער'-פאו) אהן א מאנטעל; אהן קליידער; נאקעט.

encum'ber *v.* (ענ-קאמ'-בער) אנווארפען שטערונגען; הינדערען; שטעלען מניעות; בעלעסטיגען מיט איבריגע אונגוציגע זאכען.

I am encumbered with too much baggage.

encum'bered *a.* (ענ-קאמ'-בערד) פול מיט שולדען, בעלאסטעט.

encum'beringly *adv.* (ענ-קאמ'-בער-אינג-לי) דורך שטעלען מניעות, בעלאסטענדיג.

encum'berment *n.* (ענ-קאמ'-בער-מענט) הינדערונג; לאסט.

encum'brance *n.* (ענ-קאמ'-ברענס) א שווערינקייט, א מניעה, א הינדערניס; א לאסט; אבצאהל, פארדאקעס; זאכען, וועלכע זיינען איבריג, אבער מען האלט זיי.

Travelers often make a mistake in taking on their journeys things that prove an encumbrance.

encum'brancer *n.* (ענ-קאמ'-ברענ-סער) איינער וואס לייהט געלד אויף אונבעוועגליכעס איינענטום.

encyc'lic *a.* and *n.* (ענ-סיק'-ליק) וואס איז געמאכט געווארען מיט דעם ציעל שטארק צו פערשפרייטען צווישען פובליקום; אן ענציקליק, א בריעף וואס דער פאפסט שיקט פאנאנדער צו אלע בישאפען.

encyc'lical *a.* and *n.* (ענ-סיק'-לי-קעל) ז. *encyclic*.

encyclopæ'dia *n.* (ענ-סאי-קלא-פי'-די-א) ז. *encyclopedia*.

encyclopæ'dic *a.* (ענ-סאי-קלא-פי'-דיק) ז. *encyclopedic*.

encyclopæ'dical *a.* (ענ-סאי-קלא-פי'-די-קעל) ז. *encyclopedic*.

encyclopæ'dism *n.* (ענ-סאי-קלא-פי'-דיזם) ז. *encyclopedism*.

encyclopæ'dist *n.* (ענ-סאי-קלא-פי'-דיסט) ז. *encyclopedist*.

encyclope'dia *n.* (ענ-סאי-קלא-פי'-די-א) ענציקלאפעדיע, א ווערק וואו עס ווערען געגעבען אין א געוויסער ארדנונג [מייסטענס אין אלפאבעטישער ארדנונג] ידיעות און ערקלערונגען איבער אלע צווייגען פון קענטניס און וויסענשאפט אדער איבער איין בעשטימטער וויסענשאפט.

encyclope'dic *a.* (ענ-סאי-קלא-פי'-דיק) ענציקלאפעדיש; וואס איז שייך צו אלע צווייגען פון וויסענשאפט.

encyclope'dical *a.* (ענ-סאי-קלא-פי'-די-קעל) ז. *encyclopedic*.

encyclope'dism *n.* (ענ-סאי-קלא-פי'-דיזם) די מעטאדע פון קלייבען און געבען ידיעות און ערקלערונגען אין דער פארם פון אן ענציקלאפעדיע.

encyclope'dist *n.* (ענ-סאי-קלא-פי'-דיסט) אן ענציקלאפעדיסט, א פערפאסער אדער צוזאמענשטעלער פון א ווערק, וואס גיט ידיעות און ערקלערונגען אין אלע וויסענשאפטען.

encyst' *v.* (ענ-סיסט') — אין ביאלאגיע איינשליסען אדער ווערען איינגעשלאסען אין א פענכער אדער בלאז.

encysta'tion *n.* (ענ-סיס-טיי'-שאן) ז. *encystment*.

encyst'ment *n.* (ענ-סיסט'-מענט) אין ביאלאגיע — דאס איינשליסען אדער דאס זיין איינגעשלאסען אין א פענכער אדער בלאז.

end *n.* and *v.* (ענד) ענד, עק, סוף; טויט, פערניכטונג; א רעשט; ציעל, צוועק; אונפערמיידליכער שלוס, נויטווענדיגע פאלגע; ענדיגען, זיך ענדיגען; אויפהערען; טויטען, פערניכטען, אומברייננגען; שטארבען; אוועקשטעלען אויף'ן עק אדער שפיץ; צומאכען אדער בעציערען אן עק אדער שפיץ [ווי פון א שטעקען].

end'-all *n.* (ענד'-אהל) פאלשטענדיגער ענד, שלוס.

endam'age *v.* (ענ-דעמ'-עדזש) שאדען טהאן, שעדיגען.

endam'agement *n.* (ענ-דעמ'-עדזש-מענט) שעדיגונג, שאדען, פערלוסט.

end and aim (ענד ענד איים) צוועק און ציעל.

endan'ger *v.* (ענ-דיינ'-דזשער) ברייננגען אין געפאהר, שטעלען אין געפאהר.

endan'germent *n.* (ענ-דיינ'-דזשער-מענט) געפאהר; דאס שטעלען אין געפאהר; דאס זיין אין געפאהר.

endear' *v.* (ענ-דיער') מאכען טייער אדער ליעב.

endeared' *a.* (ענ-דיערד') בעליעבט, טייער.

endear'edly *adv.* (ענ-דיער'-עד-לי) מיט ליעבע.

endear'ing *a.* (ענ-דיער'-אינג) מאכענדיג בעליעבט און טייער; ערוועקענדיג ליעבע.

endear'ingly *adv.* (ענ-דיער'-אינג-לי) אויף אַן אופן וואס רופט ארויס ליעבע אדער וואס מאכט ליעב און טייער.

endear'ment *n.* (ענ-דיער'-מענט) ליעבע; דאס זיין ליעב און טייער.

endeav'or *v. and n.* (ענ-דעוו'-אר) שטרעבען, בעשטרעבען, זיך בעמיהען; שטרעבונג, בעשטרעבונג, בעמיהונג.

endec'agon *n.* (ענ-דעק'-ע-גאן) ז. *hendecagon*

ende'mial *a.* (ענ-די'-מי-על) ז. *endemic*

endem'ic *a. and n.* (ענ-דעמ'-איק) ענדעמיש, לאקאל; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א געוויסען פאלק אדער פאר איינוואהנער פון א געוויסער געגענד [הויפטזעכליך וועגען קראנקהייטען]; וואס מען געפינט בלויז אין געוויסע געגענדען [וועגען פלאנצען און חיות]; דאס בושעווען פון א מגפה.

endem'ical *a.* (ענ-דעמ'-אי-קעל) ז. *endemic*

endem'ically *adv.* (ענ-דעמ'-אי-קעל-אי) אויף אַן אופן וואס איז כאראקטעריסטיש בלויז פאר א געוויסען פאלק אדער פאר א געוויסער געגענד; ענדעמיש. ז. *endemic*

endemiol'ogy *n.* (ענ-די-מי-אל'-א-דזשי) א וויסענשאפטליכע פארשונג וועגען קראנקהייטען וואס זיינען בעקאנט בלויז ביי געוויסע פעלקער אדער אין געוויסע געגענדען.

endeniza'tion *n.* (ענ-דענ-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אדער אנערקענען פאר א בירגער.

enden'ize *v.* (ענ-דענ'-איז) ז. *endenizen*

enden'izen *v.* (ענ-דענ'-איזן) נאַטוראליזירען; מאכען פאר א בירגער.

en'der *n.* (ענ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס פערענדיגט אדער ברייננט צו א שלוס.

endermat'ic *a.* (ענ-דויר-מעט'-איק) ז. *endermic*

ender'mic *a.* (ענ-דויר'-מיק) וואס ווירקט אדער ווערט אנגעווענדעט דירעקט אויף דער אונטערשטער הויט [וועגען מעדיצינען].

en'deron *n.* (ענ'-דע-ראן) די אונטערשטע הויט.

end for end (ענד פאר ענד) איבערגעקעהרט, פערקעהרט.

en'ding *n.* (ענ'-דינג) דאס ענדיגען; דאס ענדיגען פון לעבען; שלוס; אין גראמאטיק — די ענדונג, דער לעצטער אות אדער די לעצטע זילבע פון א ווארט [וועלכע ענדערען זיך אין פערשיעדענע פארמען פון דעם ווארט].

end in smoke (ענד אין סמאוק) ווערען צו גארניט; פערגעהן אין רויך.

en'dive *n.* (ענ'-דיוו) ענדיוויע [א מין ציקאריע-פלאנצע, וועלכע ווערט געברויכט אלס סאלאט].

end'less *a.* (ענד'-לעס) אונענדליך, אהן א סוף, אונאויפהערליך.

Let us not be engaged in an endless discussion.

end'less band (ענד'-לעס בענד) ז. *endless belt*

end'less belt (ענד'-לעס בעלט) אַן ענדלאזער ריעמען [א מאשין-ריעמען, די עקען פון וועלכען זיינען פעראייניגט].

end'less chain (ענד'-לעס טשיין) אַן אונענדליכע קייט [א קייט וואס איז געשלאסען אין זיך, ד. ה. איהרע ענדען זייען פערבונדען מיט אַן אנדער].

end'lessness *n.* (ענד'-לעס-נעס) אונענדליכקייט, אונאויפהערליכקייט.

end'less saw (ענד'-לעס סאָה) אַן ענדלאזע זעג אדער א באנד-זעג [א זעג וואס איז אין זיך געשלאסען ווי א רינג].

end'less screw (ענד'-לעס סקרוה) אַן ענדלאזע שרויף [א שרויף וואס איהרע גווינטען פאסען זיך אריין אין די צייהנער פון א ראד, פון וועלכען זי ווערט געטריבען].


Endless Screw

end'long *prep. and adv.* (ענד'-לאהנג) אין דער לענג [פון עפעס]; פון ענד צו ענד; אונאויפהערליך; אין א גלייכער ריכטונג.

end man (ענד מען) ז. *end-man*

end-man *n.* (ענד'-מען) א מענש וואס שטעהט ביי דעם ענד פון א רייה אדער צייל; אַן עקסטרעמער, א ראדיקאל; ביי טרופען פון וואנדערענדע אקטיארען — איינער פון די אקטיארען אדער זינגער, וועלכע שטעהען ביי ביידע ענדען פון דער אויסגעשטעלטער טרופע און האבען צו ערפילען ספעציעלע אויפגאבען בנוגע צו דעם שוישפיעל.

end'most *a.* (ענד'-מאוסט) וואס איז אין דעם ווייטסטען עק; וואס שטעהט אב אם ווייטסטען.

endocar'diac *a.* (ענ-דא-קאר'-די-עק) וואס געפינט זיך אינעווייניג אין הארצען; וואס איז שייך צו דער אינערליכער זייט פון הארץ; וואס איז שייך צו דעם טייל פון מאגען, דורך וועלכען עס געהט אין איהם אריין דאס עסען.

endocar'dial *a.* (ענ-דא-קאר'-די-על) ז. *endocardiac*

endocardi'tis *n.* (ענ-דא-קאר-דאי'-טיס) אַן ענטצינדונג פון דער אינערליכער זייט פון הארצען.

endocar'dium *n.* (ענ-דא-קאר'-די-אם) די אינערליכע זייט פון הארצען.

en'docarp *n.* (ענ'-דא-קארפ) אין באטאניק — די אינערליכע זייט פון דער שאלעכץ אדער הויט פון א פרוכט.

en'doderm *n.* (ענ'-דא-דוירם) אין עמבריאלאגיע — די ענדאדערמא. ז. *ectoderm*

endoder'mal *a.* (ענ-דא-דויר'-מעל) וואס איז שייך צו דער ענדאדערמא. ז. *ectoderma*

endoder'mic *a.* (ענ-דא-דויר'-מיק) ז. *endodermal*

endog'amic *a.* (ענ-דאג'-ע-מיק) וואס איז שייך צו ענדאגאמיע. ז. *endogamy*

endog'amous *a.* (ענ-דאג'-ע-מאס) ז. *endogamic*

endog'amy *n.* (ענ-דאג'-ע-מי) ענדאגאמיע, דער מנהג פון איינינע ווילדע שבטים צו הייראטען נור מיט מיטגליעדער פון זייער אייגענעם שבט.

endogastri'tis *n.* (ענ-דא-געס-טראי'-טיס) אַן ענטצינדונג פון דער מאגען-שליים-הויט.

en'dogen *n.* (ענ'-דא-דזשען) אין באטאניק — אַן ענדאגען [איינע פון דעם מין פלאנצען, ביי וועלכע דער שטאם בעשטעהט ניט פון בעזונדערע שיכטען אדער רינגען ארום דעם הערצעל, און וועגען וועלכען מען האט אמאל געמיינט, אז זייער וואוקס בעשטעהט ניט אין דעם, וואס ארום דעם הערצעל קומט צו יעדעס יאהר א נייער שיכט אדער רינג, נאר דאס הערצעל אליין וואקסט זיך פאנאנדער].

endog'enous *a.* (ענ-דאדזש'-ע-נאס) אין באטאניק — וואס איז שייך צו די ענדאגען-פלאנצען [ז. *endogen*]; וואס וואקסט זיך פאנאנדער פון אינעווייניג.

end on (ענד אן) וואס דער שפיץ אדער די נאז איז געריכטעט דירעקט צו א געוויסען געגענשטאנד [בנוגע צו א שיף אין ים]; אין א פערפענדיקולארער ריכטונג [בנוגע צו די אונטערשטיצונג-באלקענס פון א שאכטע].

endopar'asite *n.* (ענ-דאו-פער'-ע-סאיט) א פאראזיט [א בעשעפעניש וואס ציהט זיין יניקה פון אַן אנדער בעשעפעניש], וועלכער געפינט זיך אין די אינערליכע טיילען פון ארגאניזם.

endoparasit'ic *a.* (ענ-דאו-פער-ע-סיט'-איק) וואס איז שייך צו דעם מין פאראזיטען וואס לעבען אינעווייניג אין קערפער.

endoph'agy *n.* (ענ-דאפ'-ע-דזשי) קאניבאליזם אדער מענשען-פרעסעריי אין דעם אייגענעם שבט; דאס אויפעסען א קרוב פון דער אייגענער משפחה.

endophyl'lous *a.* (ענ-דא-פיל'-אס) אין באטאניק — וואס וואקסט ארויס פון בלומען-שייד.

en'dophytal *a.* (ענ'-דא-פאי-טעל) ז. *endophytic*

en'dophyte *n.* (ענ'-דא-פאיט) אַן ענדאפיט, א פאראזיטען-פלאנצע [א פלאנצע וואס לעבט אין אַן אנדער ארגאניזם אלס א פאראזיט].

endophyt'ic *a.* (ענ-דא-פיט'-איק) ענדאפיטיש, וואס האט דעם כאראקטער פון א פאראזיטען-פלאנצע [א פלאנצע וואס וואקסט און ערנעהרט זיך פון אַן אנדער ארגאניזם].

endophyt'ically *adv.* (ענ-דא-פיט'-אי-קעל-אי) מעשה ענדאפיט, ווי א פאראזיטען-פלאנצע.

endoph'ytous *a.* (ענ-דאפ'-אי-טאס) וואס לעבט אין האלץ, וואס האלט זיך אויף אינעווייניג אין פלאנצען און ביימער [וועגען געוויסע אינזעקטען].

endors'able *a.* (ענ-דארס'-עבל) ז. *indorsable*

endorse' *v.* (ענ-דארס') אויפשרייבען אויף דער אנדערער זייט פון עפעס [ווי אויף א וועקסעל אדער א באנק-אנווייזונג]; בעשטעטיגען מיט אַן אונטערשריפט; צושטימען. ז *indorse*

endorse'ment *n.* (ענ-דארס'-מענט) ז. *indorsement*

endor'ser *n.* (ענ-דאר'-סער) איינער וואס שרייבט אונטער א נאטע אדער וועקסעל אלס ערב. ז *indorser*

en'dosmose *n.* (ענ'-דאס-מאוס) ז. *endosmosis*

endosmo'sis *n.* (ענ-דאס-מאו'-סיס) אין פיזיק — דער ענדאסמאס, דאס דורכדרינגען פון אַן אויסערליכער פליסיגקייט

אין אז אינערליכער דורך א הויט וואס טיילט זיי פאנאנדער. ז. *exosmosis*

endosmot'ic *a.* (ענ-דאס-מאט'-איק) וואס איז שייך צו דער אייגענשאפט פון א פליסיגקייט איינצודרינגען אין א צווייטער דורך א הייטעל וואס טיילט זיי אב.

endosmot'ically *adv.* (ענ-דאס-מאט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן ווי א פליסיגקייט דרינגט דורך אין אן אנדער פליסיגקייט דורך א הייטעל, וואס טיילט זיי אב.

en'dosomal *a.* (ענ'-דא-סאו-מעל) וואס איז שייך צו דעם אינעווייניגסטען טייל פון א שוואם.

en'dosome *n.* (ענ'-דא-סאום) דאס אינעווייניגסטע פון א שוואם.

en'dosperm *n.* (ענ'-דא-ספוירם) דאס איי-ווייס פון זאמען [קערנער].

endosper'mic *a.* (ענ-דא-ספויר'-מיק) וואס ענטהאלט איי-ווייס [ווענען זאמען].

endothe'lial *a.* (ענ-דא-טהי'-לי-על) וואס איז שייך צו דעם אינערליכען הייטעל פון אן אדער, אדער פון אן אנדער בלוט-געפעס.

endothe'lioid *a.* (ענ-דא-טהי'-לי-איד) וואס איז עהנליך צו דעם אינערליכען הייטעל פון א בלוט-געפעס.

endothelio'ma *n.* (ענ-דא-טהי-לי-או'-מא) א קרעבס-געוויקס אויף דעם אינערליכען הייטעל פון א בלוט-געפעס.

endothe'lium *n.* (ענ-דא-טהי'-לי-אם) דאס אינערליכע הייטעל פון א בלוט-געפעס [ווי פון אן אדער א. ד. ג.].

endother'mic *a.* (ענ-דא-טהויר'-מיק) וואס איז שייך צום אריינציהען אין זיך ווארעמקייט.

endother'mous *a.* (ענ-דא-טהויר'-מאס) ז. *endothermic*

endow' *v.* (ענ-דאו') אויסשטאטען; בעזארגען מיט א בעשטענדיגען פאנד פון איינקינפטע; בעגאבען אדער בעשענקען.
The philanthropist endowed the university with $5,000,000.

endow'er *n.* (ענ-דאו'-ער) איינער וואס בעשענקט אדער בעזארגט מיט א פאנד פון א בעשטענדיגען איינקונפט.

endow'ment *n.* (ענ-דאו'-מענט) א פאנד אדער אייגענטומס-בעזיץ וואס ווערט פאר איינעם בעשטימט פאר א שטענדיגער איינקונפט; א בעגאבונג פון דער נאטור; טאלענט; דאס בעזארגען מיט א פאנד פאר א שטענדיגער איינקונפט.

endow'ment pol'icy (ענ-דאו'-מענט פאל'-אי-סי) א לעבענס-פערזיכערונגס פאליסי, לויט וועלכער עס ווערט אויסגעצאהלט א געוויסע געלד-סומע אין א בעשטימטער צייט נאך דער פערזיכערונג און צו יעדער צייט פון א טויט-פאל.

end'-pa'per *n.* (ענד'-פיי'-פער) דאס לעדיגע בלאט פאפיער וואס ווערט ביים איינבינדען א בוך אריינגעשטעלט פון אנפאנג און פון ענד.

end'-play *n.* (ענד'-פליי) די בעוועגונג ביים ענד אדער ביי דער זייט פון עפעס [ווי ביי אן אקס].

endue' *v.* (ענ-דיו') בעשענקען אדער בעגאבען מיט א געוויסער אייגענשאפט אדער פעהיגקייט.

endur'able *a.* (ענ-דיור'-עבל) ערטרעגליך, וואס מען קען אריבערטראגען; צו דערליידען.

endur'ableness *n.* (ענ-דיור'-עבל-נעס) דולדבארקייט, ערטרעגליכקייט; דאס זיין צו דערליידען.

endur'ably *adv.* (ענ-דיור'-ע-בלי) אויף א דולדבארען אדער ערטרעגליכען אופן.

endur'ance *n.* (ענ-דיור'-ענס) דאס פערטראגען, דאס אויסהאלטען, געדולד; די פעהיגקייט אויסצוהאלטען אדער איבערטראגען [יסורים, צער].

endure' *v.* (ענ-דיור') אויסהאלטען, פערטראגען; ליידען מיט געדולד; פארטזעצען; דויערען.
Pain may be endured more easily than disgrace.

endur'er *n.* (ענ-דיור'-ער) א דולדער, דער וואס קען אויסהאלטען אדער פערטראגען.

endur'ing *a.* (ענ-דיור'-אינג) וואס דויערט, וואס ווערט פארטגעזעצט; וואס ליידעט א לאנגע צייט.

endur'ingly *adv.* (ענ-דיור'-אינג-לי) לעולם ועד; פאר א לאנגער צייט.

end'ways *adv.* (ענד'-וועיז) אין דער ריכטונג פון דעם ענד; מיט דעם ענד ארויף אדער אראב.

end'wise *adv.* (ענד'-הוואיז) ז. *endways*

E. N. E. *east-northeast* אבקירצונג פון אין דער ריכטונג פון מערב צו צפון-מערב.

en'ema *n.* (ענ'-ע-מא) א קליסטיר, א קאנע.

en'emy *n.* (ענ'-ע-מי) א פיינד, א שונא, א געגנער.

enepider'mic *a.* (ענ-עפ-אי-דויר'-מיק) וואס איז אויף דער הויט; וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף דער הויט [ווי א פלאסטער א. ד. ג.].

energet'ic *a.* (ענ-אויר-דזשעט'-איק) ענערגיש, קראפטפאל; מיט ווילענס-קראפט; ווירקזאם.

energet'ical *a.* (ענ-אויר-דזשעט'-אי-קעל) ז. *energetic*

energet'ically *adv.* (ענ-אויר-דזשעט'-אי-קעל-אי) מיט ענערגיע, מיט קראפט.

energet'icalness *n.* (ענ-אויר-דזשעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ענערגיש; ווירקזאמקייט; ווילענס-קראפט.

energet'ics *n.* (ענ-אויר-דזשעט'-איקס) די וויסענשאפט וועגען די געזעצען און ערשיינונגען פון מעכאנישע און פיזישע קרעפטען.

en'ergize *v.* (ענ'-אויר-דזשאיז) מאכען ענערגיש, מאכען קרעפטיג; האנדלען ענערגיש.

en'ergizer *n.* (ענ'-אויר-דזשאי-זער) איינער וואס מאכט ענערגיש; עטוואס וואס איז ווירקזאם.

energu'men *n.* (ענ-אויר-גיו'-מען) איינער וואס האט אין זיך א דבוק; א פאנאטישער ענטוזיאסט.

en'ergy *n.* (ענ'-אויר-דזשי) ענערגיע; קראפט; ווילענסקראפט; ווירקזאמקייט; טהעטיגקייט; ווירקונג.

ener'vate *a.* and *v.* (אי-נויר'-וועיט) שוואך; אבגעשוואכט; מאכען שוואך; מאכען אבהענגיג.

enerva'tion *n.* (ענ-אויר-וויי'-שאן) דאס מאכען שוואך; דאס זיין שוואך; שוואכקייט.

ener'vose *a.* (אי-נויר'-וואוס) אהן נערווען, אהן אדערען [ווענען בלעטער פון פלאנצען].

en famille' (אן פא-מיי') אין דער היים; מיט דער פאמיליע; צווישען זיך ריידענדיג.

enfee'ble *v.* (ענ-פיע'-בל) מאכען שוואך.

enfee'blement *n.* (ענ-פיע'-בל-מענט) דאס מאכען שוואך; דאס זיין אבגעשוואכט; שוואכקייט.

enfee'bler *n.* (ענ-פיע'-בלער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט שוואך.

enfeoff' *v.* (ענ-פעף') אימעצען געבען אדער פערקויפען א גוט אין פעאדאלען בעזיץ.

enfeoff'ment *n.* (ענ-פעפ'-מענט) דאס געבען אדער פערקויפען א גוט אין פעאדאלען בעזיץ; דאס גוט וואס איז אויף אזא אופן געגעבען אדער פערקויפט געווארען.

enfet'ter *v.* (ענ-פעט'-ער) שמידען אין קייטען; פעסלען.

enfilade' *n.* and *v.* (ען-פי-לייד') א גלייכע ליניע, א גלייכער שטח אדער א גלייכע רייה, וואס קען אין א געראדער ליניע בעשאסען ווערען; שיסען אין דער לענג אין א גלייכער ליניע.

enfold' *v.* (ענ-פאולד') איינוויקלען; ארומנעהמען.

enforce' *v.* (ענ-פאורס') אויסדריקען מיט ענערגיע; קלאר מאכען אדער בעווייזען מיט ענערגיע; צווינגען; בעפעסטיגען, פערשטארקען.

enfor'ceable *a.* (ענ-פאור'-סעבל) וואס קען געצוואונגען ווערען; וואס קען געצוואונגענערהייט דורכגעפיהרט ווערען.

enforce'ment *n.* (ענ-פאורס'-מענט) צוואנג, געוואלט; די בעקרעפטיגונג פון א בעווייז.

enfor'cer *n.* (ענ-פאור'-סער) איינער וואס צווינגט.

enfor'cible *a.* (ענ-פאור'-סיבל) ז. *enforceable*

enfor'est *v.* (ענ-פאר'-עסט) פערוואנדלען אין וואלד, לאזען בעוואקסען מיט וואלד.

enfran'chise *v.* (ענ-פרענ'-טשיז) בעפרייען; בעפרייען פון שקלאפעריי; אויפנעהמען פאר א בירגער; געבען בירגער-רעכט; געבען שטים-רעכט.
Women desire to be enfranchised.

enfran'chisement *n.* (ענ-פרענ'-טשיז-מענט) בעפרייאונג; בעפרייאונג פון שקלאפעריי; דאס געבען בירגער-רעכט אדער שטים-רעכט.

enfran'chiser *n.* (ענ-פרענ'-טשי-זער) א בעפרייער.

engage' *v.* (ענ-גיידזש') 1. פערפפליכטען, פערבינדען; 2. דינגען, בעשעפטיגען; 3. פאנגען, געווינען; 4. אנפאלען; אנגרייפען; זיך פעכטען, זיך שלאגען; 5. זיך אריינלאזען; זיך פערבינדען.
1. I engaged to supply him with coal. 2. The factory engages 1,000 men. 4. The army engaged the enemy. 5. We engaged in a lengthy conversation.

engaged' *a.* (ענ-גיידזשד') פערלאבט; בעשעפטיגט, פערנומען; אין ארכיטעקטור — טיילוויז איינגעבויט אדער איינגעזונקען אין אן אנדער טייל פון א געביידע [ווי א קאלאנע אדער זייל, וואס איז ווי אויף העלפט איינגעמויערט אין וואנד]; אין מעכאניק — איינגעפאסט איינע אין די אנדערע.

engaged' in a house (ענ-גיידזשד' אין ע האוס) אנגעשטעלט אין א געשעפט.

enga'gedly *adv.* (ענ-גיי'-דזשעד-לי) לויט דער פערפפליכטונג, לויט די התחיבות פון ביידע צדדים.

engage'ment *n.* (ענ-גיידזש'-מענט) די פערפפליכטונג; די פערבינדונג; תנאים; די בעשעפטיגונג; א געפעכט; א שלאכט.

engage'ment ring (ענ-גיידזש'-מענט רינג) א פערלאבונגס-רינג.

enga'ger *n.* (ענ-גיי'-דזשער) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט עפעס אדער בעשעפטיגט דעם אנדערען; איינער וואס פערבינדט זיך מיט א פערפפליכטונג אדער קאנטראקט; אן ערב.

engage' the atten'tion (ענ-גיידזש' טהי ע-טענ'-שאן) צוציהען די אויפמערקזאמקייט.

enga'ging *a.* (ענ-גיי'-דזשינג) צוציהענד, רייצענד, איינגעהמענד.
He has an engaging personality.

enga'gingly *adv.* (ענ-גיי'-דזשינג-לי) אויף א צוציהענדען אדער רייצענדען אופן.

enga'gingness *n.* (ענ-גיי'-דזשינג-נעס) דאס זיין אנציהענד אדער אנגענעהם.

engar'rison *v.* (ענ-גער'-איסן) אויסשטעלען א גארניזאן סאלדאטען; שטעלען זיך אין פערטיידיגונגס-צושטאנד.

engen'der *v.* (ען-דזשענ'-דער) געבעהרען, ארויסברייננען; געבארען ווערען, ארויסגעבראכט ווערען; ארויסקומען.

engen'derer *n.* (ען-דזשענ'-דער-ער) דער געבעהרער, דער ארויסברייננער, דער שעפפער.

engild' *v.* (ענ-גילד') אבגילדען, בעגילדען.

en'gine *n. and v.* (ענ'-דזשין) א מאשין; א לאקאמאטיוו, א פייער-לעש-מאשין; א ווערקצייג; בעזארגען מיט א מאשין, ארייננשטעלען א מאשין.

en'gine-dri'ver *n.* (ענ'-דזשין-דראי'-ווער) א לאקאמאטיוו-פיהרער, א מאשיניסט פון א לאקאמאטיוו.

engineer' *n. and v.* (ען-דזשי-ניער') אן אינזשינער; א מאשיניסט; איינער וואס מאכט א פלאן אדער סכעמע פון עפעס; דורכפיהרען; בויען.

engineer'ing *n.* (ען-דזשי-ניער'-אינג) אינזשינער-קונסט, די קונסט פון בויען מאשינען אדער פערשיעדענע סארטען געביידען, ווי הייזער, פעסטונגען, באהנען, בריקען א. ד. ג.; דאס מאכען א גענויען פלאן פון עפעס.

en'gine-gov'ernor *n.* (ענ'-דזשין-גאוו'-ער-נאר) דער רעגולאטאר פון א דאמפף אדער גאז-מאשין.



Engine-governor

en'gine-house *n.* (ענ'-דזשין-האוס) א מאשינען-הויז; א הויז פאר פייער-לעש-מאשינען.

en'gine-man *n.* (ענ'-דזשין-מען) א מאשיניסט; א לאקאמאטיוו-פיהרער.

en'gine-room *n.* (ענ'-דזשין-רוהם) דאס צימער, וואו די מאשינען שטעהען.

en'ginery *n.* (ענ'-דזשינ-רי) דאס קענען ארומגעהן ארום ארטילערישע מאשינען אדער הארמאטען; מאשינעריי; א פלאן, א המצאה.

engird' *v.* (ענ-גוירד') ארומגארטלען; ארומרינגלען.

engir'dle *v.* (ענ-גוירדל') ארומרינגלען, איינשליסען.

Eng'lified *a.* (אינ'-גלי-פאיד) פערענגלישט.

Eng'lish *a., n. and v.* (אינ'-גליש) ענגליש; ענגלענדער; דאס ענגלישע פאלק; די ענגלישע שפראך; אין דרוקעריי — א געוויסע פארם פון שריפט; מאכען פאר ענגליש, איבערזעצען אין דער ענגלישער שפראך.

Eng'lishable *a.* (אינ'-גליש-עבל) וואס מען קען פערענגלישען, וואס מען קען איבערזעצען אין ענגליש.

Eng'lishman *n.* (אינ'-גליש-מען) אן ענגלענדער; אן ענגלישע שיף.

Eng'lish pale (אינ'-גליש פייל) דער בעצירק אין דובלין וואו ענגלענדער וואהנען [אין געגענזאץ צום בעצירק וואו די אירלענדער וואהנען].

Eng'lishwoman *n.* (אינ'-גליש-הוואום-ען) אן ענגלענדערין.

engorge' *v.* (ענ-גאהרדזש') אנפילען; אנזאמלען; אנשטאפען, אנפרעסען.

engorge'ment *n.* (ענ-גאהרדזש'-מענט) דאס אנפילען; דאס אנזאמלען; דאס אנשטאפען, דאס אנפרעסען.

engrail' *v.* (ענ-גרייל') מאכען קארבען; מאכען די ברעגעס מיט צייהנדלעך אדער שפיצלעך.

engrain' *v.* (ענ-גריין') ז. *ingrain*

engrave' *v.* (ענ-גרייוו') איינגראווירען, גראווירען; איינדריקען.

engra'ver *n.* (ענ-גריי'-ווער) א גראווירער, א קופער-שטעכער.

engra'ver of mu'sic (ענ-גריי'-ווער אוו מיו'-זיק) איינער וואס גראווירט אויס מוזיק-נאטען.

engra'ving *n.* (ענ-גריי'-ווינג) די גראוויר-קונסט; א געגראווירטע פיגור, א גראוויר.

engross' *v.* (ענ-גראוס') פערנעהמען; נעהמען פאלשטענדיג אין גאנצען אין בעזיץ; מאנאפאליזירען; פערכאפען די גאנצע קאנטראלע אויף עטוואס; שרייבען אדער איבערשרייבען אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען.

engross'er *n.* (ענ-גראוס'-ער) איינער וואס שרייבט איבער א שריפט אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; איינער וואס מאנאפאליזירט אדער פערכאפט די גאנצע קאנטראלע איבער א געשעפט אדער אינדוסטריע.

engross'ing-hand *n.* (ענ-גראוס'-אינג-הענד) א שעהנע און דייטליכע האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען צום איבערשרייבען פאפיערען.

engross'ment *n.* (ענ-גראוס'-מענט) דאס מאנאפאליזירען; דאס פערנעהמען אדער פערכאפען זאכען אין א גרויסער צאהל; דאס איבערשרייבען א פאפיער אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; אן אבשריפט פון א פאפיער אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; דאס זיין פאלשטענדיג פערנומען אין עטוואס.

engross' the conversa'tion (ענ-גראוס' טהי קאנ-וואיר-סיי'-שאן) קיינעם ניט לאזען קומען צו ווארט.

engros'sure *n.* (ענ-גראוס'-אור) דאס זיין פאלשטענדיג פערנומען אין עטוואס.

engulf' *v.* (ענ-גאלף') איינשלינגען [ווי דער אבגרונד]; ווארפען אין אבגרונד.

engulf'ment *n.* (ענ-גאלפ'-מענט) דאס ווארפען אין אבגרונד; דאס זיין פערשלונגען פון אבגרונד.

enhance' *v.* (ען-הענס') דערהויבען צו א העכערער מדרגה אדער צו א העכערען פונקט; פערגרעסערען אדער העכערען דעם פרייז.

enhance'ment *n.* (ען-הענס'-מענט) די הויבונג, די שטייגערונג, די פערגרעסערונג; די העכערונג פון פרייז.

enhan'cer *n.* (ען-הענ'-סער) א דערהויבער, א שטייגערער; איינער וואס העכערט דעם פרייז.

enharmon'ic *a.* (ען-האר-מאנ'-איק) אין מוזיק — ענהארמאניש; וואס האט אינטערוואלען קלענער אלס א האלבער טאן; וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון איין הארמאנישען טאן-ארט צו אן אנדערען אהן צו בייטען דעם גרונד-טאן-שליסעל.

enharmon'ical *a.* (ען-האר-מאנ'-אי-קעל) ז. *enharmonic*

enharmon'ically *adv.* (ען-האר-מאנ'-אי-קעל-אי) אויף אן ענהארמאנישען אופן. ז. *enharmonic*

enhear'ten *v.* (ען-האר'טן) מאכען הארץ, ערמוטיגען, געבען קוראזש.

enhy'dric *a.* (ען-האי'-דריק) וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enhy'drite *n.* (ען-האי'-דראיט) א מינעראל וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enhy'drous *a.* (ען-האי'-דראס) וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enig'ma *n.* (אי-ניג'-מא) א רעטעניש; אן אונפערשטענדליכע זאך.

enigmat'ic *a.* (אי-ניג-מעט'-איק) ווי א רעטעניש, רעטזעלהאפט; אונדייטליך, אונפערשטענדליך.

enigmat'ical *a.* (אי-ניג-מעט'-אי-קעל) ז. *enigmatic*

enigmat'ically *adv.* (אי-ניג-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א פערשטעלטען אופן; אויף דעם אופן פון א רעטעניש.

enig'matise *v.* (אי-ניג'-מע-טאיז) ז. *enigmatize*

enig'matist *n.* (אי-ניג'-מע-טיסט) א פערפאסער פון רעטענישען.

enig'matize *v.* (אי-ניג'-מע-טאיז) פערפאסען רעטענישען; ריידען מיט רעטענישען, ריידען פערשטעלט אדער אונפערשטענדליך.

enigmatog'raphy *n.* (אי-ניג-מע-טאג'-רע-פי) די קונסט פון שרייבען רעטענישען.

enigmatol'ogy *n.* (אי-ניג-מע-טאל'-א-דזשי) די קונסט פון פערפאסען רעטענישען און זיי צו לעזען.

enjail' *v.* (ען-דזשייל') פערשפארען אין געפענגנים.

enjoin' *v.* (ען-דזשאין') בעפעהלען, הייסען; פערווערען; צווינגען צו עפעס.
The judge enjoined the merchant from infringing on the patent.

enjoy' *v.* (ען-דשאי') געניסען; זיך פרעהען מיט עפעס; האבען פערגניגען; בעזיצען.

enjoy'able *a.* (ען-דזשאי'-עבל) וואס מען קען געניסען אדער בעזיצען; וואס פערשאפט פערגניגען.
The vacation was very enjoyable.

enjoy'er *n.* (ען-דזשאי'-ער) איינער וואס געניסט, בעזיצט אדער פערשאפט פערגניגען.

enjoy'ment *n.* (ען-דזשאי'-מענט) א גענוס, א פערגניגען; דאס בעזיצען עפעס מיט געפיהל פון צופריעדענהייט.

enkin'dle *v.* (ען-קינ'דל) אנצינדען, אויפפלאקערען, פאנאדערברענען; אויפרעגען.

enlace' *v.* (ען-לייס') איינשליסען, ארומנעהמען אדער בעלעגען מיט שנור-באנד

אדער ווי מיט שנור־באנד; ארומרינגלען, ארומוויקלען, דורכפלעכטען.

enlace'ment *n.* (ען־לייס׳־מענט) דאס בעלעגען אדער ארומנעהמען מיט שנור־באנד אדער ווי מיט שנור־באנד; דאס ארומרינגלען.

enlard' *v.* (ען־לארד׳) בערעקען מיט פעטס; פרעגלען אויף פעטס; מאכען גרעסער [שטאלץ א. ד. ג.].

enlarge' *v.* (ען־לארדזש׳) פערגרעסערען, אויסברייטען, אויסדעהנען; פערגרעסערען א פאטאגראפיש בילד; בעפרייען, לויז מאכען, בעפרייען פון בערגענצונגען; זיך פערגרעסערען, אויסברייטען אדער אויס־דעהנען; ברייטליך און גענוי בעשפרעכען עטוואס; איבערטרייבען; אנהאלטען אויף ווייטער, אבלעגען.

enlarged' *a.* (ען־לארדזשד׳) פערגרע־סערט; ברייט; ניט ענג, ניט בעשרענקט, פריייזיניג, ליבעראל.

enlar'gedly *adv.* (ען־לאר׳־דזשעד־לי) דורך פערגרעסערונג, אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; דורך בעפרייאונג; מיט אונבעשרענקטקייט; אויף אן אויספיהרלי־כען אופן [וועגען עפעס רעדען].

enlarged' scale (ען־לארדזשד׳ סקייל) א פערגרעסערטער מאסשטאב.

enlarged' views (ען־לארדזשד׳ וויוז) א ברייטער שטאנדפונקט, א ברייטער קוק.
Travel and reading have enlarged his views of the world.

enlarge'ment *n.* (ען־לארדזש׳־מענט) פערגרעסערונג, אויסברייטונג, אויסדעה־נונג; בעפרייאונג; אונבעשרענקטקייט; אויספיהרליכקייט [אין בעשפרעכען עפעס]; א פערגרעסערטעס פאטאגראפי־שעס בילד.

enlarge' the mind (ען־לארדזש׳ טהי מאינד) בערייכערען דעם פערשטאנד, העל־פען אויסארבייטען א ברייטערען בליק אויף זאכען.

enlau'rel *v.* (ען־לאה׳־רעל) בעקרוינען מיט לארבער־קראנצען.

enlight' *v.* (ען־לאיט׳) ז. *enlighten*

enligh'ten *v.* (ען־לאי׳־טן) בעלייכטען, העל מאכען; אויפקלערען, בילדען.

enligh'tened *a.* (ען־לאי׳־טנד) אויפגע־קלערט, ציוויליזירט, געבילדעט.
The most enlightened portion of mankind is found in Europe and America.

enligh'tener *n.* (ען־לאי׳־טנ־ער) איי־נער וואס בעלייכט; אן אויפקלערער: איי־נער וואס בעלערענט אדער בילדעט.

enligh'tenment *n.* (ען־לאי׳־טנ־מענט) די אויפקלערונג, די בילדונג.

enlink' *v.* (ען־לינק׳) פערבינדען, צו־נויפקייטלען.

enlist' *v.* (ען־ליסט׳) רעגיסטרירען, אריינטראגען אין א ליסטע אדער רייס־טער; איינשרייבען אלס סאלדאט אדער מאטראז [הויפטזעכליך אלס פרייוויליגער]; ערווערבען אימצענס סימפאטיע אדער מיט־טהעטיגקייט פאר א קהל׳שער טהעטיגקייט, פאר א בעוועגונג אדער אי־דעע; פרייוויליג אריינטרעטען אין מילי־טער־דיענסט; זיך אנשליסען צו א קהל׳שער טהעטיגקייט אדער בעוועגונג; ווערען א אנהענגער פון אן אידעע.

enlist'ment *n.* (ען־ליסט׳־מענט) רע־גיסטרירונג, דאס איינשרייבען אדער ווע־רען איינגעשריבען אין א ליסטע אדער רייסטער; דאס אריינגעהמען אדער דאס פרייע אריינטרעטען אין מיליטער־דיענסט.

enli'ven *v.* (ען־לאי׳־וון) בעלעבען, אויפ־מונטערען.

enli'vener *n.* (ען־לאי׳־וונ־ער) איינער אדער עטוואס וואס בעלעבט אדער מונ־טערט אויף.

enli'vening *n.* (ען־לאי׳־וונ־אינג) בע־לעבענדעס, אויפמונטערענדעס.

enli'venment *n.* (ען־לאי׳־וונ־מענט) בעלעבונג, אויפמונטערונג.

en masse (אן מאס) די אלע צוזאמען; גאנצע מאסע.

enmesh' *v.* (ען־מעש׳) פער־פערוויקלען, פער־פלאנטערען, אריינכאפען אין א נעץ.

enmesh'ment *n.* (ען־מעש׳־מענט) דאס אריינכאפען אדער זיין אריינגעכאפט אין א נעץ אדער פאסטקע; א נעץ, א שטריק־נעץ, א געפלאכטענע נעץ.

en'mity *n.* (ען׳־מי־טי) פיינדליכקייט.

en'nead *n.* (ען׳־אי־עד) די צאהל ניין; יעדע סיסטעם אדער גרופע פון ניין בע־זונדערע עלעמענטען; אין מאטעמאטיק— א גרופע פון ניין פונקטען אדער ליניען; איינע פון די זעקס אבטיילונגען פון די לעהרען פון אלעקסאנדרישען פילאזאף פלאטין [יעדע אבטיילונג בעשטעהט פון ניין ביכער].

en'neagon *n.* (ען׳־אי־ע־גאן) א ניין־קאנטיגע געאמעטרישע פיגור.

enneag'onal *a.* (ען־אי־עג׳־א־נעל) אין געאמעטריע — ניין־קאנטיג; וואס איז שייך צו א ניין־קאנטיגער געאמעטרישער פיגור.

enneahe'dral *a.* (ען־אי־ע־הי׳־דרעל) אין געאמעטריע — ניין־קאנטיג [וועגען א קערפער].

enneahe'dria *n.* (ען־אי־ע־הי׳־דרי־א) א ניין־קאנטיגער געאמעטרישער קערפער.

enneahe'dron *n.* (ען־אי־ע־הי׳־דראן) ז. *enneahedria*

Ennean'dria *n.* (ען־אי־ען׳־דרי־א) די מינים פלאנצען, די בליטהען פון וועל־כע עס האבען ניין שטויב־פעדים.

enno'ble *v.* (ע־נאו׳־בל) בע־פערעדלען, ערהויבען; מאכען פאר אן אדע־ליגען.
Culture ennobles the heart.

enno'blement *n.* (ע־נאו׳־בל־מענט) פערעדלונג; דערהויבונג; דאס מאכען פאר אן אדעליגען.

enno'bler *n.* (ע־נאו׳־בלער) איינער אדער עטוואס וואס פערעדלט אדער דער־הויבט.

ennui' *n.* (אנ־הוויע׳) לאנגוויייליגקייט, אומעטיגקייט.

ennuyé *a. and n.* (אנ־הווי־יעי׳) גע־לאנגווייליגט, אומעטיג, איבערזעטיגט [פון פערגניגענס]; איינער וואס לאנגווייליגט זיך, ליידעט פון אומעטיגקייט אדער איז איבערזעטיגט [פון פערגניגענס].

enol'ogy *n.* (אי־נאל׳־א־דזשי) די קונסט פון מאכען וויין.

enop'tomancy *n.* (ע־נאפ׳־טא־מענ־סי) דאס וואהרזאגען אדער דאס טרעפען דורך א שפיגעל.

enor'mity *n.* (אי־נאהר׳־מי־טי) אונ־געהייערע גרויס; דאס זיין אויסערגעוועהנ־ליך; אבשייליכקייט; שרעקליכקייט; גרוי־זאמקייט.

enor'mous *a.* (אי־נאהר׳־מאס) אונגע־הייער, אויסערגעוועהנליך, אבשייליך; שרעקליך; גרויזאם.

enor'mously *adv.* (אי־נאהר׳־מאס־לי) אונגעהייער.

enor'mousness *n.* (אי־נאהר׳־מאס־נעס) דאס זיין אונגעהייער גרויס.

enough' *n., a., adv. and int.* (אי־נאף׳) גענוג, געניגענד, גיש׳קשה׳דיג, גע־נוגהייט.

enough' and enough' (אי־נאף׳ ענד אי־נאף׳) מעהר ווי גענוג.

enough' and to spare (אי־נאף׳ ענד טו ספעהר) מעהר ווי גענוג.

enounce' *v.* (אי־נאונס׳) אויסדריקען, ערקלערען, מאכען אן ערקלערונג; קאנסטא־טירען, מאכען א בעהויפטונג.

enounce'ment *n.* (אי־נאונס׳־מענט) דאס אויסדריקען [אין ווערטער]; אן ערקלערונג; דאס מאכען אן ערקלערונג; קאנסטאטירונג, בעהויפטונג.

en passant' (אן פא־סאן׳) פערבייגע־הענדיג, מאכענדיג א זייטיגע בעמערקונג.

enrage' *v.* (ען־ריידזש׳) אויפרייצען, אויפברייענען, ארייינברייענגען אין צארן.

enraged' *a.* (ען־ריידזשד׳) אויפגערייצט, אין צארן, אויפגעבראכט.

enrapt' *a.* (ען־רעפט׳) ענטציקט, בע־גייסטערט; אין א צושטאנד פון עקסטאז.

enrap'ture *v.* (ען־רעפ׳־טשור) ענטצי־קען, בעגייסטערען; ברייענגען אין א צו־שטאנד פון עקסטאז.

enrich' *v.* (ען־ריטש׳) בערייכערען; אויס־ציערען; בעפוצען; מאכען פרוכטבאר.

enrich'er *n.* (ען־ריטש׳־ער) איינער וואס בערייכערט, בעציערט אדער מאכט פרוכט־באר.

enrich'ment *n.* (ען־ריטש׳־מענט) די בערייכערונג, די אויסציערונג; דאס מא־כען פרוכטבאר.

enring' *v.* (ען־רינג׳) ארומרינגלען, ארומקרייזען; איינשליסען.

enrobe' *v.* (ען־ראוב׳) בעקליידען, אויס־ציערען.

enrol' *v.* (ען־ראול׳) ז. *enroll*

enroll' *v.* (ען־ראול׳) פער־איינשרייבען; ארויפברייענגען אויף דער רעגיסטרירען; פערשרייבען אין מיליטער־דיענסט. ליסטע; פערשרייבען אין מיליטער־דיענסט.

enroll'er *n.* (ען־ראול׳־ער) אן איינשריי־בער; איינער וואס רעגיסטרירט אדער וואס ברייענגט ארויף אויף דער ליסטע.

enroll'ment *n.* (ען־ראול׳־מענט) ז. *enrolment*

enrol'ment *n.* (ען־ראול׳־מענט) דאס איינשרייבען; דאס פעררעגיסטרירען; א רייסטער, א פערצייכניס.

enroot' *v.* (ען־רוהט׳) איינוואָרצלען; איינוועבען.

en route (אן רוהט) אויף דעם וועג.

ens *n.* (ענז) דאס וואס איז, א וועזען; א זאך, עקזיסטירט; דאס וואס מען קען אנרופען מיט א נאמען און מען קען וועגען דעם דענקען אדער רעדען.

ensacked' *a.* (ען־סעקט׳) איינגעפאקט אין א זאק.

ensan'guine *v.* (ען־סענ׳־גוויין) פער־בלוטיגען, בעפלעקען מיט בלוט; אויספאר־בען מיט א בלוט־קאליר.

en'sate *a.* (ענ׳־סייט) וואס האט בלעטער אין דער פארם פון שווערדען [וועגען גע־וויסע פלאנצען].

ensched'ule *v.* (ען־סקעד׳־יול) איינ־שרייבען אין ליסטע אדער טאבעלע; אויפ־צייכענען.

ensconce' *v.* (ען־סקאנס׳) בעשירמען, בעשיצען.

ensem'ble *n.* (אנ־סאמ׳בל) דער אנ־סאמבל, די הארמאנישע פעראייניגונג פון בעזונדערע טיילען אין איין גאנצעס; דער איינדרוק, וועלכען עס מאכט אזא הארמא־נישע פעראייניגונג [ווי דאס שפיעלען פון א גאנצע ארקעסטער מוזיקאנטען אדער א גאנצע טרופע פון אקטיארען].

enshield′ *a.* (ען-שיעלד′) בעפאנצערט, בעשירמט, בעשיצט.

enshrine′ *v.* (ען-שראין′) אריינלעגען אין א קאסטען אדער ארון [וואו מען האלט הייליגע זאכען]; אבהיטען מיט ליעבע אדער מיט פערהייליגונג.

enshroud′ *v.* (ען-שראוד′) פערשטעקען אין א געדיכט-בעוואקסענעם פלאץ; פערדעקען; ארומהילען.

en′siform *a.* (ען′-סי-פארם) שווערדפערמיג, ווי א שווערד [ווענען געוויסע פלאנצען-טיילען אדער קערפער-טיילען ביי חיות].

en′sign *n. and v.* (ען′-סאין) א פאהן, א שטאנדארט, א פלאג; א צייכען, א סימבאל, אן אויסצייכנונגס-צייכען; א פאהנען-טרעגער; א יונקער; א צווייטער לייטענאנט [אין מיליטער אדער פלאטע]; אויסצייכענען אדער אונטערשיידען דורך א בעזונדערען צייכען [אויף וואפען].

en′sign-bear′er *n.* (ען′-סאין-בעהר′-ער) א פאהנען-טרעגער.

en′signcy *n.* (ען′-סאינ-סי) ז. *ensignship*

en′signship *n.* (ען′-סאינ-שיפ) פאהנען-טרעגעריי; דאס אמט פון א פאהנען-טרעגער.

en′silage *n. and v.* (ען′-סי-לעדזש) א מיטעל צו האלטען פוטער און גרינסען פריש און גרין אין גריבער אדער ספעציעלע געביידעס וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען; די זאכען וואס ווערען אזוי געהאלטען; האלטען פוטער אדער גרינסען אין גריבער אדער אין ספעציעלע געביידעס, וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען, כדי זיי זאלען בלייבען פריש און גרין. ז. *silo*

en′sile *v.* (ען′-סאיל) האלטען פוטער אדער גרינסען אין גריבער אדער אין ספעציעלע געביידעס, וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען, כדי זיי זאלען בלייבען פריש און גרין.

ensky′ *v.* (ען-סקאי′) אריינזעצען אין הימעל, מאכען אונשטערבליך.

enslave′ *v.* (ען-סלייוו′) פערשקלאפען, פערקנעכטען.

ensla′vedness *n.* (ען-סליי′-ווער-נעס) פערשקלאפטקייט, שקלאפעריי.

enslave′ment *n.* (ען-סלייוו′-מענט) פערשקלאפונג, שקלאפעריי.

ensla′ver *n.* (ען-סליי′-ווער) א פערשקלאפער; אן אונטערדריקער, א טיראן.

ensnare′ *v.* (ען-סנעהר′) ארייננכאפען אין א נעץ; פערנארען דורך כיטרעקייט; פערפיהרען.

ens of rea′son (ענז אוו ריעזן) א זאך וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך׳ן שכל [ווי די פארשטעלונג וועגען גאט].

ensphere′ *v.* (ען-ספיער′) ארומקרייזען, מאכען קרייזפערמיג, איינשליסען אין א ספערע אדער רונדער זאך.

enstamp′ *v.* (ען-סטעמפ′) שטעמפלען, איינדריקען ווי מיט א שטעמפעל; טיעף איינדריקען.

ensue′ *v.* (ען-סיו′) פאלגען; נאכפאלגען, קומען שפעטער, קומען אלס פאלגע.

en suite (אן סהוויט) וואס געהט צוזאמען, אין א גאנג [ווי צימערען אדער מעבעל]; וואס בילדעט א גאנג, וואס געהט צוזאמען [ווי צימערען אדער מעבעל].
There are apartments to be let en suite or singly.

ensure′ *v.* (ען-שוהר′) ז. *insure*

enswathe′ *v.* (ען-סהווייטה′) איינוויקלען, איינהילען.

ensweep′ *v.* (ען-סהוויעפ′) דורכפליהען, שנעל פאריבערלויפען.

entab′lature *n.* (ען-טעב′-לע-טשור) אין ארכיטעקטור — דער טייל פון א געביידע וואס געפינט זיך צווישען די זיילען און דעם דאך.

entail′ *v. and n.* (ען-טייל′) בעשרענקען דאס ירושה-רעכט אויף לאנד-אייגענטום אזוי, אז דאס אייגענטום זאל קיין מאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; בעשענקען אדער איבערגעבען אויף אייביג, פאר קינדער און קינדס-קינדער; ארויסבריינגען אדער ארויסרופען אלס אונפערמיידליכע פאלגע; מיטבריינגען; פעראורזאכען; דאס בעשרענקען ירושה-רעכט אויף לאנד-אייגענטום אזוי, אז דאס אייגענטום זאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; לאנד-אייגענטום אזוי בעשרענקט; לאנד אייגענטום וואס ווערט אוועקגעשענקט צו איינעם און צו זיינע יורשים נאך זיין טויט.

entai′ler *n.* (ען-טיי′-לער) איינער וואס גיט איבער בירושה אדער שענקט אוועק לאנד-אייגענטום מיט דער בעדינגונג, אז דאס אייגענטום זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג און זאל קיין מאל ניט קענען פערקויפט ווערען.

entail′ expense′ (ען-טייל′ עקס-פענס′) פעראורזאכען קאסטען אדער אויסגאבען.

entail′ment *n.* (ען-טייל′-מענט) דאס בעשרענקען דאס ירושה-רעכט אויף לאנד-אייגענטום אזוי, אז עס זאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; דאס איבערגעבען בירושה אדער דאס שענקען מיט אזא בעדינגונג.

entan′gle *v.* (ען-טענ′גל) פערוויקלען, פערפלאנטערען; צומישען, צוטומלען; בריינגען אין פערלעגענהייט; מאכען שוועריגקייטען.
While walking in the woods we became entangled in the bushes.

entan′glement *n.* (ען-טענ′גל-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פלאנטער; פערלעגענהייט; פעראירונג; צומישונג, צוטומעלניש.

entan′gler *n.* (ען-טענ′-גלער) איינער וואס פערפלאנטערט, צומישט, צוטומעלט אדער בריינגט אין פערלעגענהייט.

enta′sia *n.* (ען-טיי′-סי-א) א קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין קאנוואולסיע און ספאזמען פון די מוסקולען.

en′tasis *n.* (ען′-טע-סיס) אין ארכיטעקטור — די שטופענווייזע פערדיקונג און אויפשוועלונג פון א זייל; אין פאטאלאגיע — קאנוואולסיע און ספאזמען פון די מוסקולען.

entas′tic *a.* (ען-טעס′-טיק) וואס געהערט צו ספאזמען-קראנקהייטען.

entel′lus *n.* (ען-טעל′-אס) א מין אפע פון אסט-אינדיען פון מיטלען וואוקס, בעוואקסען מיט געלבליכע האר און מיט שווארצע הענד און פיס [די דארטיגע איינוואהנער בעציהען זיך צו איהר מיט פיעל אכטונג און אין איניגע ערטער איז זי פערגעטערט].

entente′ cordiale′ (אנ-טאנט′ קאהר-די-אל′) פריינדליכע בעציהונגען צווישען צוויי רעגיערונגען.

en′ter *v.* (ען′-טויר) אריינגעהן אינוועניג; אריינטרעטען, אריינקומען; אריינדרינגען; אויפטרעטען אויף דער ביהנע; אנפאנגען; איינשרייבען, אריינטראגען אין די ביכער; זיך פערשרייבען; אבגעבען א רעפארט אין צאל-אמט [וועגען א שיף וואס איז אנגעקומען אין האפען]; אריינגעהן און צונעהמען אין בעזיץ [ווי לאנד]; אנרייצען הינד אויף חיות אויף וועלכע מען נעהמט אויף געיעג.

en′terable *a.* (ען′-טויר-עבל) איינפיהרבאר; וואס קען אריינגעהן, וואס איז ניט פערבאטען [וועגען געוויסע סחורות, וועלכע מען ערלויבט אריינצופיהרען אין לאנד].

en′ter a law′suit (ען′-טויר ע לאה′-סיוט) אנהויבען א געריכטס-פראצעס.

en′ter an ac′tion (ען′-טויר ען עק′-שאן) אנהויבען א פראצעס.

en′ter a profes′sion (ען′-טויר ע פרא-פעש′-אן) אריינטרעטען אין א געוויסער בעשעפטיגונג אדער פאך.

en′ter a pro′test (ען′-טויר ע פראו′-טעסט) פראטעסטירען.

en′ter a provi′so (ען′-טויר ע פרא-וואי′-זאו) מאכען א תנאי, שטעלען א בעדינגונג.

en′terclose *n.* (ען′-טויר-קלאוס) א קארידאר צווישען צוויי צימערען.

en′terer *n.* (ען′-טויר-ער) איינער וואס געהט אריין; איינער וואס פערשרייבט זיך; איינער וואס שרייבט איין.

enter′ic *a.* (ען-טער′-איק) וואס איז שייך צום איינגעווייד.

en′tering *n.* (ען′-טויר-אינג) דאס אריינקומען, דאס אריינגעהן.

en′ter in′to (ען′-טויר אינ′-טו) אריינגעהן אינוועניג, אריינדרינגען; אנהויבען זיך בעשעפטיגען מיט עפעס; זיך פערטיעפען אין א געוויסען ענין; זיין א טייל פון עפעס.

en′ter in′to bond (ען′-טויר אינ′-טו באנד) פערפפליכטען זיך.

en′ter in′to partic′ulars (ען′-טויר אינ′-טו פאר-טיק′-יו-לערז) זיך אריינלאזען אין איינצעלהייטען.

en′ter in′to recog′nizance (ען′-טויר אינ′-טו רי-קאג′-ני-זענס) זיך שריפטליך פערפפליכטען פאר א געריכט צו טהאן א געוויסע זאך [ווי ערשיינען פאר׳ן געריכט, צאהלען א חוב, ניט שטערען די ארדנונג א. ד. ג.].

enterit′ic *a.* (ען-טע-ריט′-איק) וואס איז שייך צו אן ענטצינדונג פון די נעדערים.

enteri′tis *n.* (ען-טע-ראי′-טיס) אן ענטצינדונג פון די נעדערים.

en′terocele *n.* (ען′-טע-רא-סיל) א קילע, א ברוך.

enteroce′lic *a.* (ען-טע-רא-סי′-ליק) וואס איז שייך צו א ברוך; וואס ליידט פון א ברוך אדער קילע.

enterodyn′ia *n.* (ען-טע-רא-דינ′-אי-א) א וועהטאג אין בויך.

enterogastri′tis *n.* (ען-טע-רא-געס-טראי′-טיס) אן ענטצינדונג פון מאגען און פון די נעדערים.

enterog′raphy *n.* (ען-טע-ראג′-רע-פי) די בעשרייבונג פון די נעדערים.

enterol′ogy *n.* (ען-טע-ראל′-א-דזשי) די לעהרע וועגען די נעדערים.

enterom′phalos *n.* (ען-טע-ראמ′-פע-לאס) ז. *enteromphalus*

enterom′phalus *n.* (ען-טע-ראמ′-פע-לאס) א קילע, א נעדערים-ברוך.

en′teron *n.* (ען′-טע-ראן) די נעדערים אדער די קישקעס.

en′ter on a founda′tion (ען′-טויר

אן ע פאונ-דיי׳-שאן) אריינגעטראגנע ווערען אין דער ליסטע פון סטיפענדיעם [ווענען א סטודענט וואס בעקומט שטיצע].

en'ter one's name (ענ׳-טויר הוואנז ניים) איינשרייבען אימעצענס נאמען.

enterop'athy *n.* (ענ-טע-ראפ׳-ע-טהי) די קראנקהייט פון די געדערים אדער קישקעס.

enterot'omy *n.* (ענ-טע-ראט׳-א-מי) אין כירורגיע — דאס אויפשניידען אדער אויפדעקען די קישקעס.

Enterozo'a *n.* (ענ-טע-רא-זאו׳-א) די ענטעראזאען [אלע מינים לעבעדיגע בעשעפענישען, וועלכע האבען געדערים אדער קישקעס].

enterozo'an *n.* (ענ-טע-רא-זאו׳-ען) איינער פון די ענטעראזאען. ז. *Enterozoa*

enterozo'ic *a.* (ענ-טע-רא-זאו׳-איק) וואס געהערט צו ענטעראזאען. ז. *Enterozoa*

en'terprise *n.* (ענ׳-טויר-פראיז) 1. אן אונטערנעהמונג; 2. אונטערנעהמונגס־גייסט.

1. His money is invested in many enterprises. 2. The preparation of this dictionary is an evidence of the publisher's enterprise.

en'terprising *a.* (ענ׳-טויר-פראי-זינג) אונטערנעהמענד; וואס האט אן אונטערנעהמונגס־פעהיגקייט.

en'terprisingly *adv.* (ענ׳-טויר-פראי-זינג-לי) מיט אונטערנעהמונגס־פעהיגקייטען; דורך איינפאלען אדער המצאות.

en'ter short (ענ׳-טויר שארט) דעקלארירען די סחורות אונטער זייער ווערטה ביים צאהלען גרענעץ־צאל [פאשלינע].

entertain' *v.* (ענ-טויר-טיין׳) 1. אמוזירען, אונטערהאלטען; מכבד זיין, אויפנעהמען; 2. בעטראכטען א זאך; אננעהמען; האלטען אין זינען.

1. He entertained his guests. 2. He entertains peculiar views about politics.

entertain'able *a.* (ענ-טויר-טיינ׳-עבל) וואס מען קען אונטערהאלטען אדער אויפנעהמען.

entertain' a correspon'dence (ענ-טויר-טיין׳ ע קא-רעס-פאנ׳-דענס) פיהרען א קארעספאנדענץ, אונטערהאלטען בריעף־וועקסעל מיט איינעם.

entertain' an applica'tion (ענ-טויר-טיין׳ ען ע-פלי-קיי׳-שאן) נעהמען אין אנבעטראכט א בקשה.

entertain' an ide'a (ענ-טויר-טיין׳ ען אי-די׳-ע) האבען א געדאנק אין קאפ.

entertain' doubts (ענ-טויר-טיין׳ דאוטס) אריינפאלען אין צווייפעל, צווייפלען.

entertai'ner *n.* (ענ-טויר-טיי׳-נער) אן אמוזירער, אן אונטערהאלטער; א ווירטה, איינער וואס איז מכבד.

entertai'ning *a.* (ענ-טויר-טיי׳-נינג) אמוזירענד, אונטערהאלטענד, אנגענעהם.

entertai'ningly *adv.* (ענ-טויר-טיי׳-נינג-לי) אויף אן אנגענעהמען אופן.

entertain'ment *n.* (ענ-טויר-טיינ׳-מענט) אן אונטערהאלטונג, א בעלוסטיגונג; די אויפנאהמע פון א גאסט, כבוד.

en'ter the ar'my (ענ׳-טויר טהי אר׳-מי) ווערען א סאלדאט.

en'ter the lists (ענ׳-טויר טהי ליסטס) זיך איינשרייבען; זיך אריינלאזען אין א צאנקעריי.

en'ter upon' (ענ׳-טויר א-פאן׳) אנהויבען, צוטרעטען צו עפעס; אנהויבען צו פערהאנדלען.

After the Civil War this country entered upon an era of industrial expansion.

enthelmin'tha *n.* (ענ-טהעל-מינ׳-טהא) א ווארים וואר האלט זיך אויף אין די נעדערים.

enthelmin'thes *n.* (ענ-טהעל-מינ׳-טהעז) ז. *enthelmintha*

enthelmin'thic *a.* (ענ-טהעל-מינ׳-טהיק) וואס איז שייך צום ווארים אין די געדערים.

enthral' *v.* (ענ-טהראהל׳) ז. *enthrall*

enthrall' *v.* (ענ-טהראהל׳) פערשקלאפען; אונטערווארפען אונטער דעם איינפלוס פון עפעס.

enthrall'ment *n.* (ענ-טהראהל׳-מענט) דאס פערשקלאפען; דאס זיין אונטערגעווארפען אונטער דער ווירקונג און איינפלוס פון עפעס.

enthral'ment *n.* (ענ-טהראהל׳-מענט) ז. *enthrallment*

enthrone' *v.* (ענ-טהראון׳) זעצען אויף׳ן טהראן אדער אויף דער כסא המלוכה; איבערגעבען די קעניגליכע מאכט; זיין דערהויבען; האלטען זיך פאר זעהר א גרויסען מענשען; ארויפזעצען א בישאף אויף זיין קאפעדרע [איינפיהרען איהם אין זיין בישאפליכען אמט].

enthrone'ment *n.* (ענ-טהראונ׳-מענט) די ארויפזעצונג אויף א טהראן; די איינזעצונג פון א בישאף; דאס האלטען זיך זעהר דערהויבען.

enthroniza'tion *n.* (ענ-טהראו-ני-זיי׳-שאן) דאס ארויפזעצען אויף׳ן טהראן, דאס איבערגעבען די קעניגליכע מאכט; דאס ארויפזעצען א בישאף אויף זיין שטוהל אדער קאפעדרע [דאס איינפיהרען איהם אין זיין בישאפליכען אמט].

enthro'nize *v.* (ענ-טהראו׳-נאיז) ז. *enthrone*

enthuse' *v.* (ענ-טהיוז׳) בעגייסטערען, ארויסרופען ענטציקונג.

enthu'siasm *n.* (ענ-טהיו׳-זי-עזם) ענטוזיאזם, בעגייסטערונג; די שטארקע פערעהרונג.

enthu'siast *n.* (ענ-טהיו׳-זי-עסט) אן ענטוזיאסט, א בעגייסטערטער מענש; א שטארקער פערעהרער פון עפעס.

enthusias'tic *a.* (ענ-טהיו-זי-עס׳-טיק) ענטוזיאסטיש, בעגייסטערט; פול מיט ענטציקונג; זעהר איבערגעגעבען צו עפעס.

enthusias'tical *a.* (ענ-טהיו-זי-עס׳-טי-קעל) ז. *enthusiastic*

enthusias'tically *adv.* (ענ-טהיו-זי-עס׳-טי-קעל-אי) דורך בעגייסטערונג; מיט ענטוזיאזם.

en'thymeme *n.* (ענ׳-טהי-מים) אין לאגיק — דאס ענטימעמא אדער א פערקירצטער סילאגיזם [א געוועהנליכער סילאגיזם אדער שלוס־פאלגערונג בעשטעהט פון דריי זעצע, ווי למשל: 1) אלע מענשען זיינען שטערבליך; 2) איך בין א מענש; 3) דאריבער וועל איך מוזען שטארבען. ווען דער סילאגיזם איז פערקירצט און בעשטעהט נור פון 2 זעצע, ווי למשל: 1) אלע מענשען זיינען שטערבליך; 2) דאריבער וועל איך מוזען שטארבען — איז דאס אן ענטימעמא].

entice' *v.* (ענ-טאיס׳) צוציהען, פערנארען; פערפיהרען [דורך פאלשע האפנונגען].

enti'ceable *a.* (ענ-טאי׳-סעבל) וואס קען פערפיהרט ווערען, וואס לאזט זיך פערפיהרען [דורך פאלשע האפנונגען].

entice'ment *n.* (ענ-טאיס׳-מענט) די צוציהונג, די רייצונג; די פערפיהרונג.

enti'cer *n.* (ענ-טאי׳-סער) דער אדער דאס וואס פערפיהרט מיט הבטחות אדער האפנונגען.

enti'cing *a.* (ענ-טאי׳-סינג) צוציהענד; פערפיהרענד.

enti'cingly *adv.* (ענ-טאי׳-סינג-לי) אויף א רייצענדען, פערפיהרענדען שטייגער.

entire' *a. and n.* (ענ-טאיר׳) גאנץ, פול, פאלשטענדיג, פאלקאם; ניט געמישט; ניט געטיילט, אהן איינשניטע [ווענען פלאנצען און פלאנצען־טיילען]; ניט בעשניטען, ניט קאסטרירט, ניט געמאכט פאר אוים זכר [ווענען פערד]; דאס גאנצע, די גאנצקייט; פארטער־ביער.

entire'ly *adv.* (ענ-טאיר׳-לי) דורכאויס; אהן אויסנאהמע; פאלשטענדיג; אין גאנצען; ניט געמישט; מיט הארציגקייט, מיט אויפריכטיגקייט, מיט איבערגעבענהייט, מיט טרייהייט.

I do not entirely agree with you.

entire'ness *n.* (ענ-טאיר׳-נעס) גאנצקייט, פולקייט, פאלשטענדיגקייט, אויפריכטיגקייט, איבערגעבענהייט, טרייהייט.

entire' ten'ancy (ענ-טאיר׳ טענ׳-ען-סי) אין יוריספרודענץ — דאס בעלאנגען פון איינענטום צו איין פערזאן.

entire'ty *n.* (ענ-טאיר׳-טי) דאס גאנצע, גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט.

enti'tle *v.* (ענ-טאי׳טל) 1. בעטיטלען: א נאמען געבען; 2. בערעכטיגען, געבען א רעכט אויף עפעס.

2. The ticket entitled me to a seat on the platform.

en'tity *n.* (ענ׳-טי-טי) א וועזען, וועזענהייט.

en'toblast *n.* (ענ׳-טא-בלעסט) דער אינערליכער טייל אדער די יאדרע פון א צעלע.

entobli'quus *n.* (ענ-טאב-לאי׳-קהוואס) אין אנאטאמיע — דער אינערליכער שרעגער מוסקול פון בויך.

equiv'ocalness *n.* (אי-קהוויוו'-א-קעל-נעס) צווייטייטיגקייט, א דאפעלטער זין.

equiv'ocate *v.* (אי-קהוויוו-א-קייט) נעברויכען א ווארט אין א דאפּעלטען זין; זיך אויסדריקען צווײדייטיג [מיט דעם ציעל אבצונארען].

equivoca'tion *n.* (אי-קהוויוו-א-קיי-שאן) עקוויװאקען, דאס רעדען צווײדייטיג, אז מען זאל עס פערשטעהן אי אזוי, אי אנדערש [מיט דעם ציעל אבצונארען, פערדרעהען דעם קאפּ]; אין לאגיק — דער פאלשער שלוס וואס מען קען ציהען פון א ווארט, ווען עס איז צווײדייטיג.
To the honest man equivocation is just as wrong as lying.

equiv'ocator *n.* (אי-קהוויוו-א-קיי-טאר) איינער וואס רעדט צווײדייטיג, בלב ולב.

equiv'ocatory *a.* (אי-קהוויוו-א-קיי-טא-רי) וואס ענטהאלט א צווײדייטיגקייט אדער א דאפּעלטען זין [מיט דעם ציעל אבצונארען].

eq'uivoke *n.* (עק'-הווי-וואוק) אן עקוי-וואק א צווײדייטיגקייט; דאס רעדען אזוי, אז מען זאל עס פערשטעהן אי אזוי, אי אנדערש.

eq'uivoque *n.* (עק'-הווי-וואוק)
ז. *equivoke*

e'ra *n* (אי'-רא) אן ערא, א צייט-רעכנונג וואס הויבט זיך אן פון א בעשטימטער היסטארישער פּאסירונג אדער עפּאכע, א בעשטימטע היסטארישע צייט, א צייט-אלטער, אן עפּאכע.

era'diate *v.* (אי-ריי'-די-אייט) ארויס-לאזען שטראהלען; שטראהלען, שיינען, גלאנצען.

eradia'tion *n.* (אי-ריי-די-איי'-שאן) דאס ארויסלאזען שטראהלען; דאס שטראה-לען; שיינונג; אבגלאנץ.

erad'icable *a.* (אי-רעד'-אי-קעבל) וואס (אי-רעד'-אי-קעבל) מען קען אויסווארצלען, אויסראטען, פערי-טילגען אדער פערניכטען.

erad'icate *v.* (אי-רעד'-אי-קייט) אויס-ווארצלען; אויסראטען, פערניכטען, פער-טילגען.

eradica'tion *n.* (אי-רעד-אי-קיי'-שאן) אויסווארצלונג, אויסראטונג, פערניכטונג, פערטילגונג.

erad'icative *a. and n.* (אי-רעד'-אי-קיי-טיוו) וואס ווארצעלט אויס: פערניכ-טענד, אויסראטענד, פערטילגענד; אין מעדיצין — וואס היילט אין גאנצען אויס, וואס היילט ראדיקאל, וואס היילט פון גרונד אויס; א ראדיקאלער הייל-מיטעל.

e'ra of good fee'ling (אי'-רא און גוד פיע'-לינג) אין דער געשיכטע פון די פער-אייניגטע שטאטען — די פעריאדע פון 1817 ביז 1824 [בעת פּרעזידענט מאנ-רא'ס אדמיניסטראציאן], וועלכע צייכענט זיך אויס דערמיט וואס דער פּארטיי-קאמפּף האט כמעט אין גאנצען אויפגע-הערט.

era'sable *a.* (אי-ריי'-סעבל) וואס קען אויסגעמעקט, אבגעמעקט, אבגעריבען אדער אויסגעקראצט ווערען; וואס קען פערניכ-טעט ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער בע-זייטיגט ווערען.

era'ser *n.* (אי-ריי'-סער) איינער אדער עטוואס וואס מעקט אב, רייבט אב אדער קראצט אויס; א מעקער [פון גומי]; א מעסערעל אבצוקראצען דאס געשריבענע.

era'sible *a.* (אי-ריי'-סיבל)
ז. *erasable*

era'sion *n.* (אי-ריי'-זשאן) אויסמעקונג, אבּרייבונג.

era'sure *n.* (אי-ריי'-זשור) דאס אבמע-קען, דאס אבּרייבען, דאס אויסקראצען; דאס וואס איז אבגעמעקט אדער אויס-קראצט געווארען [אין שריפטען]; דער פּלאץ, וואו עס איז אבגעמעקט אדער אויס-געקראצט געווארען [א בוכשטאב, א ווארט א. ד. ג.].

ere *prep. and c.* (עהר) בעפאר, פאר; בעפאר, איידער.

Er'ebus *n.* (ער'-ע-באס) אין דער גרי-כישער מיטאלאגיע — ערעבוס, דער פינ-סטערסטער טייל פון גיהנום אדער האדעס; פינסטערניש; פינסטערקייט.

erect' *v. and a.* (אי-רעקט') אויפשטע-לען, אויפשטעלען גלייך, אוועקשטעלען; אויפבויען, גרינדען, בעשאפען; אויפהוי-בען; דערהויבען; צייכנען [א ליניע, א קרייז א. ד. ג.]; זיך אוועקשטעלען גלייך; זיך אויפהויבען; גלייך אוועקגעשטעלט, שטעהענדיג, גערעכטעט ארויף-צו; אויפגע-הויבען; גלייך און פעסט; מוטיג, שטאלץ; אויפמערקזאם, געשפּאנט.

erec'table *a.* (אי-רעק'-טעבל) וואס קען אויפגעשטעלט ווערען; וואס קען אויפגע-בויט ווערען; וואס קען אויפגעהויבען ווע-רען; וואס קען זיך אויסציהען און ווערען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erec'ter *n.* (אי-רעק'-טער) ז. *erector*

erec'tile *a.* (אי-רעק'-טיל) וואס שטעלט זיך אדער הויבט זיך אויף; וואס קען זיך אויסציהען און ווערען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erectil'ity *n.* (אי-רעק-טיל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך אויפצוהויבען, זיך אוועק-שטעלען גלייך אדער אויפגעבויט ווערען; די פעהיגקייט זיך אויסצוציהען און ווע-רען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erec'tion *n.* (אי-רעק'-שאן) אויפשטע-לונג, גלייך-שטעלונג; אויפהויבונג, דער-הויבונג; פערשטייפונג; אויפבויאונג, גרינ-דונג; אויסבילדונג, פארמירונג; דאס וואס ווערט געבויט, א געביידע; ערעקציאן, די אויסציהונג און פערשטייפונג [פון די געשלעכטס-ארגאנען].

erec'tive *a.* (אי-רעק'-טיוו) גלייך-שטע-לענד, אויפשטעלענד, אויפהויבענד.

erect'ly *adv.* (אי-רעקט'-לי) גלייך, אויפ-געשטעלט, אויפגעשטעלט אין דער הויך, שטעהענדיג גלייך.

erect'ness *n.* (אי-רעקט'-נעס) אויפגע-שטעלטקייט; די גלייכקייט; דאס שטעהן גלייך.

erec'tor *n.* (אי-רעק'-טאר) א גרינדער; אן אויפהויבער, אן אויפשטעלער; איינער וואס בויט [געביידעס]; אן אויפהויבונגס-מוסקעל [א מוסקעל וואס הויבט אויף, ציהט אויס און מאכט שטייף געוויסע גלי-דער].

erelong' *adv.* (עהר-לאהנג') אין קורצען, באלד.

eremacau'sis *n.* (ער-ע-מע-קאה'-סיס) די לאנגזאמע פערברענונג אדער צופוילונג פון א קערפּער.

ere'mic *a.* (ע-רי'-מיק) וואס לעבט אין א זאמדיגער, טרוקענער געגענד אדער אין א מדבר [הויפּטזעכליך וועגען חיות און פויגלען].

er'emite *n.* (ער'-אי-מאיט) אן ערעמיט, איינער וואס לעבט אבגעזונדערט אדער אין א ווילדערניש; א נזיר, א פּרוש.

eremit'ic *a.* (ער-אי-מיט'-איק) וואס לעבט אבגעזונדערט פון דער וועלט אדער אין א ווילדערניש; עהנליך צו א נזיר אדער א פּרוש; וואס איז שייך צו אן אב-געזונדערטען מענשען, צו א נזיר אדער א פּרוש.

eremit'ical *a.* (ער-אי-מיט'-אי-קעל)
ז. *eremitic*

er'emitism *n.* (ער'-אי-מאי-טיזם) דאס זיין א פּרוש, א נזיר, דאס זיין אבגעזונ-דערט פון דער וועלט.

er'ethism *n.* (ער'-ע-טהיזם) ערעטהיזם, אויפרעגבארקייט [הויפּטזעכליך פון די געשלעכטס-ארגאנען].

erethis'mic *a.* (ער-ע-טהיז'-מיק) וואס איז שייך צו ערעטהיזם [אויפרייצבאר-קייט, הויפּטזעכליך פון די געשלעכטס-אר-גאנען].

erethis'tic *a.* (ער-ע-טהיס'-טיק)
ז. *erethismic*

erethit'ic *a.* (ער-ע-טהיט'-איק) וואס איז שייך צו ערעטהיזם; אויפרעגבאר, אויפגערעגט; אונרוהיג. ז. *erethism*

erg *n.* (אוירג) אין פיזיק — אן ערג, א מאס-איינהייט פאר ארבייט, וואס ווערט בעשטימט דורך דער קראפט וואס ווערט פערוועגדעט אויף צו בעוועגען א גראם משא מיט דער שנעלקייט פון איין סענ-טימעטער אין א סעקונדע.

er'go *c.* (אויר'-גאו) פאלגליך, דאריבער [אן אויסדרוק אין לאגיק].

er'gograph *n.* (אויר'-גא-גרעף) אן אינ-סטרומענט צו מעסטען מיעדינקייט, אויפ-רעגונג א. ד. ג.

ergom'eter *n.* (אויר-גאם'-ע-טער) א קראפט-מעסטער, א דינאמאמעטער.
ז. *dynamometer*

er'gon *n.* (אויר'-גאן) ז *erg*

er'got *n.* (אויר'-גאט) א הארנדינגער אנ-וואוקס אויף דעם הינטערשטען טייל פון א פערד'ס פוס איבער דער קאפּיטע; כוטערקארן [אזא שוואם-אנוואוקס אויף קארן און אנדערע פלאנצען. ווערט גע-ברויכט אין מעדיצין].


Ergot

er'igible *a.* (ער'-אי-דזשיבל) וואס קען אויפגעשטעלט ווערען, וואס קען אויפגע-הויבען ווערען, וואס קען אוועקגעשטעלט ווערען גלייך.

erina'ceous *a.* (ער-אי-ניי'-שיאס) וואס איז שייך צו אן איגעל [יאזש]; עהנליך צו אן איגעל.

Erioden'dron *n.* (ער-אי-א-דענ'-דראן) א מין וואל-בוימער אדער באנוועל-בוימער [וואקסען אין די הייסע לענדער. די פרוכט פון דיעזע בוימער איז בעדעקט מיט א וואלענארטיגען שטאף וועלכער

ווערט געברויכט פאר קישענס, מאטראצען א. ד. ג.].

eriom′eter *n.* (ער-אי-אמ′-ע-טער) אן אפטישער אינסטרומענט צו מעססען זעהר קליינע קערפערס.

erl′-king *n.* (אוירל′-קינג) אין דער גערמאנישער מיטאלאגיע — דער ערלקעניג [א טייוועל וואס הערשט איבער וועלדער, פערנארט צו זיך קליינע קינדער און פערמוטשעט זיי].

er′mine *n.* (אויר′-מין) דאס הערמעלין [א קליינעווילדע חיה, וועמענס פעל ווערט זעהר הויך געשאצט]; די פעל אדער פוטערווארג פון א הערמעלין.

Ermine

er′mined *a.* (אויר′-מינד) געקליידט אין הערמעלין-פוטער. ז. ***ermine***

erode′ *v.* (אי-ראוד′) פאנאנדערעסען, אויסעסען, צופרעסען, אויסנאגען, זשאווערען, ראסטען.

The action of the air will in time erode iron.

ero′ded *a.* (אי-ראו′-דעד) וואס קוקט אויס ווי אויסגעגעסען, פערזשאווערט אדער פערראסט.

ero′dent *n.* (אי-ראו′-דענט) א מיטעל אדער רפואה וואס עסט אויס אדער נאגט אויס.

ero′dible *a.* (אי-ראו′-דיבל) וואס קען אויסגעגעסען, פערזשאווערט אדער פערראסט ווערען.

E′ros *n.* (אי′-ראס) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — עראס, דער גאט פון ליעבע; אין אסטראנאמיע — איינע פון די קליינע פלאנעטען צווישען מארס און יופיטער.

crose′ *a.* (אי-ראוז′) אויסגעקארבט, אויסגעגעסען [בנוגע צו בלעטער אדער פליגלען פון אינזעקטען, ביי וועלכע די ברעגעס זיינען ניט גלאט ארומגעשניטען, נאר געקארבט].

ero′sion *n.* (אי-ראו′-זשאן) די אויסעסונג, די צופרעסונג, די צונאגונג, דאס פערזשאווערט אדער פערראסט ווערען.

ero′sive *a.* (אי-ראו′-סיוו) אויסעסענד, צופרעסענד, צונאגענד; וואס ווירקט עס זאל פערזשאווערט אדער פערראסט ווערען.

erot′ic *a. and n.* (ע-ראט′-איק) וואס איז שייך צו ליעבע; א פאעמא אדער געדיכט וועגען ליעבע.

erot′ical *a.* (ע-ראט′-אי-קעל) ז ***erotic***

erotoma′nia *n.* (ע-ראו-טא-מיי′-ני-א) עראטאמאניע, א גייסטיגע קראנקהייט אדער מעלאנכאליע וואס נעהמט זיך פון דעם, וואס אלע געדאנקען און געפיהלען פון חולה זיינען קאנצענטרירט אויף ליעבע.

erotoma′niac *n.* (ע-ראו-טא-מיי′-ני-אק) איינער וואס ליידט פון עראטאמאניע. ז. ***erotomania***

erotom′any *n.* (ער-א-טאמ′-ע-ני) ז. ***erotomania***

erpetolog′ical *a.* (אויר-פע-טא-לאדזש′-אי-קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע איבער די רעפטילען אדער קריכעדיגע טהיערע.

erpetol′ogist *n.* (אויר-פע-טאל′-א-דזשיסט) אן ערפעטאלאגיסט, א קענער פון דער וויסענשאפט איבער די קריכעדיגע טהיערע.

erpetol′ogy *n.* (אויר-פע-טאל′-א-דזשי) ערפעטאלאגיע, די לעהרע וועגען די רעפטילען אדער קריכעדיגע טהיערע.

err *v.* (אויר) אירען, בלאנדזשען, זיך פעראירען; אבווייכען; זיך אירען, האבען א טעות.

To err is human, to forgive is divine.

er′rancy *n.* (ער′-ענ-סי) דאס אירען, דאס פערבלאנדזשען, דאס אריינפאלען אין א טעות; דאס אפטע בייטען די מיינונגען.

er′rand *n.* (ער′-ענד) א שליחות, אן אויפטראג; א מאנדאט; א גאנג.

The boy was sent on an errand.

er′rand-boy *n.* (ער′-ענד-באי) א לויפאינגעל, א שיק-אינגעל; א אינגעל אויף פערשיעדענע גענג און שליחות.

er′rant *a.* (ער′-ענט) וואנדערענד; אירענד, בלאנדזשענד; מאכענד א טעות; אראבגעהענד פון דרך הישר.

er′rantry *n.* (ער′-ענט-רי) וואנדערשאפט, דאס וואנדער-לעבען; דאס זיין א וואנדערער.

erra′ta *n.* (ע-ריי′-טע) דרוק-פעהלערען, א פערצייכניס פון דרוק-פעהלערען.

errat′ic *a. and n.* (ע-רעט′-איק) אירענד, וואס בלאנדזשעט; אונרעגעלמעסיג, וואס בעוועגט זיך ניט אין ארדנונג; א וואנדערער, א בראדיאגע; ניט קיין געשטעלטער מענש.

errat′ical fe′ver (ע-רעט′-אי-קעל פי′-ווער) קדחת, וואס כאפט אן אונרעגעלמעסיג.

errat′ically *adv.* (ע-רעט′-אי-קעל-אי) אויף אן אונרעגעלמעסיגען שטייגער; אהן א סדר.

erra′tum *n.* (ע-ריי′-טאם) א דרוק-פעהלער אין א שריפט אדער בוך.

er′rhine *a. and n.* (ער′-אין) ווירקענד אויף דער נאז; א מיטעל צום ניסען.

er′ringly *adv.* (אויר′-אינג-לי) בלאנדזשענדיג, לאזענדיג זיך פערפיהרען.

erro′neous *a.* (ע-ראו′-ני-אס) אירענד; ניט ריכטיג, פעהלערהאפט.

erro′neously *adv.* (ע-ראו′-ני-אס-לי) על פי טעות.

erro′neousness *n.* (ע-ראו′-ני-אס-נעס) ניט-ריכטיגקייט, פעהלערהאפטיגקייט.

er′ror *n.* (ער′-אר) אן אירטום, א טעות, א פערזעהן; א זינד.

er′ror in fact (ער′-אר אין פעקט) א טעות וועגען דעם פאקט [ווי למשל, ווען א ריכטער משפט א מינדעריעהריגען אזוי ווי ער וואלט געווען א דערוואקסענער].

Erse *n. and a.* (אוירס) די קעלטישע אדער אירלאנדישע שפראך וואס ווערט געברויכט אין געוויסע געגענדען פון שאטלאנד; וואס איז שייך צו דער קעלטישער שפראך אין אירלאנד און שאטלאנד.

crsh *n.* (אוירש) אן אויפגעאקערט פעלד; דאס גראז וואס וואקסט אב אויף'ן פעלד א צווייטען מאל אין דעמזעלבען סעזאן..

erst *adv.* (אוירסט) ראשית, צוערשט; א מאל; פריהער, מיט א צייט צוריק.

erubes′cence *n.* (ער-או-בעס′-ענס) רויטקייט; דאס רויט ווערען [פון כעס אדער שעמעוודינקייט].

erubes′cency *n.* (ער-או-בעס′-ענ-סי) ז. ***erubescence***

erubes′cent *a.* (ער-או-בעס′-ענט) רויט אדער רויטליך; רויט ווערענד [פון שעמען זיך].

eruc′tate *v.* (אי-ראק′-טייט) גרעפסען, שלוקערצען.

eructa′tion *n.* (אי-ראק-טיי′-שאן) דאס גרעפסען; דאס שלוקערצען.

er′udite *n. and a.* (ער′-או-דאיט) א בקי, איינער וואס איז פיעל בעלעזען און בעלערענט; מיט ערודיציאן; וואס איז פיעל בעלעזען; וואס האט א טיעפע קענטניס פון עפעס.

er′uditely *adv.* (ער′-או-דאיט-לי) דורך בקיאות, דורך טיעפע קענטניס פון דער זאך.

er′uditeness *n.* (ער′-או-דאיט-נעס) דאס זיין א בקי; דאס בעזיצען א טיעפע קענטניס פון עפעס.

erudi′tion *n.* (ער-או-דיש′-אן) ערודיציאן, געלעהרזאמקייט, בקיאות; טיעפע קענטניס פון א זאך.

eru′ginous *a.* (אי-רו′-דזשינ-אס) ז. ***æruginous***

erupt′ *v.* (אי-ראפט′) מאכען פלאצען; אויפרייסען, פלוצים צופלאצט אדער צוזעצט ווערען.

erup′tion *n.* (אי-ראפ′-שאן) 1. אן אויפרייסונג, אן אויסברוך [ווי פון א וואולקאן]; 2. אן אויספאל; אן אויסשלאג, אן אויסשיטונג אויף'ן לייב.

1. The volcano is in eruption.. 2. The patient has an eruption on her face.

erup′tional *a.* (אי-ראפ′-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן אויפרייסונג אדער אויסברוך.

erup′tive *a. and n.* (אי-ראפ′-טיוו) וואס רייסט אויף, וואס ברעכט אויס; פערבונדען מיט אן אויסשלאג; אין געאלאגיע — א פעלז אדער א מינעראל וואס האט זיך בעקומען דורך אן אויפרייסונג פון א פייערשפייענדען בארג אדער דורך ערד-ציטערניש.

erup′tively *adv.* (אי-ראפ′-טיוו-לי) דורך אן אויפרייסונג.

erup′tiveness *n.* (אי-ראפ′-טיוו-נעס) דאס אויפרייסען, דאס צושפרינגען.

Eryn′gium *n.* (אי-רינ′-דזשי-אם) דאס בלוי-קעפעל [א מין ברייט גראז מיט וויים-בלויע בליטהען. וואקסט אין די ווארעמע לענדער].

eryn′go *n.* (אי-רינ′-גאו) ז. ***Eryngium***

erysip′elas *n.* (ער-אי-סיפ′-ע-לעס) א רויז, א רויטליכע ענטצינדונג פון דער הויט.

erysipel′atous *a.* (ער-אי-סי-פעל′-ע-טאס) וואס איז ווי די ענטצינדונג פון דער הויט; עהנליך צו א רויז אויף'ן פנים.

erysip′eloid *n.* (ער-אי-סיפ′-ע-לאיד) אן אנשטעקינע הויט-ענטצינדונג.

erythe′ma *n.* (ער-אי-טהי′-מא) די עריטעמא, א רויטע ענטצינדונג פון דער הויט.

erythemat′ic *a.* (ער-אי-טהי-מעט′-איק) וואס איז שייך צו אן עריטעמא אדער הויט-ענטצינדונג.

eryth′roscope *n.* (ע-ריטה′-רא-סקאופ) אן אפטישער אינסטרומענט, וועלכער ווערט בענוצט צו אונטערזוכען די ליכט-

שטראהלען, וואס פאלען אדער שיינען אב פון בעזונדערע קערפער.

erythro'sis *n.* (ער-אי-טהראו'-סיס) אין מעדיצין — פולבלוטיגקייט; א קראנקהייט וואס ווערט פעראורזאכט פון צופיעל בלוט אדער זאפט.

escalade' *n. and v.* (עס-קיי-לייד') דאס קלעטערען אויף לייטערס; דאס ארויפקלעטערען פון סאלדאטען מיט דער הילף פון לייטערס אויף א פעסטונגס-וואנד; אריבערקלעטערען מיט דער הילף פון א לייטער.

escala'der *n.* (עס-קיי-ליי'-דער) איינער וואס קומט אריין אין א בעפעסטיגטען ארט דורך דער הילף פון א לייטער.

escala'tor *n.* (עס-קיי-ליי'-טאר) א בעוועגליכע טרעפ.

escal'lop *n. and v.* (עס-קעל'-אפ) די קאם-מושעל [א מאלוסקעל וואס האט א וועלען-פערמיגע אדער רונד-געקארבטע מושעל]; אזא פאן אין וועלכער איסטערען ווערען געבראטען; א רונד-געצאקטער אדער וועלען-פערמיגער ברעג אדער זוים; קאכען אדער באקען אין אן איסטערען-פאן; מאכען א וועלען-פערמיגען אדער רונד-געצאקטען זוים אדער ברעג.

escal'lop-shell *n.* (עס-קעל'-אפ-שעל) א רונד-געקארבטע אדער וועלען-פערמיגע מושעל [אזא מושעל אדער דער צייכען פון אזא מושעל אויף'ן שילד פלעגען טראגען די פילגרימען אדער וואנדערער צו די הייליגע ערטער אין די אמאליגע צייטען].


Escallop-shell

escal'op *n.* (עס-קעל'-אפ) ז. *escallop*

esca'pable *a.* (עס-קיי'-פעבל) וואס קען אנטלויפען אדער אנטרינען; וואס קען אויסלויפען אדער אויסשטראמען; וואס קען פערמידען ווערען.

escapade' *n.* (עס-קיי-פייד') א ווילדער שפרונג פון א פערד; א שטרייך, א שטיק א ווילדע אדער נארישע שטיפעריי.

escape' *v. and n.* (עס-קייפ') אוועקלויפען, אנטלויפען; זיך ראטעווען, מאכען פליטה; אנטרינען; אויסלויפען, אויסשטראמען; פערמיידען; די פליטה; דאס ראטעווען זיך; דאס אנטלויפען; דאס אויסלויפען אדער אויסשטראמען.

escape'-lad'der *n.* (עס-קייפ'-לעד'-ער) א רעטונגס-לייטער.

escape'ment *n.* (עס-קייפ'-מענט) דער מעכאניזם פון א זייגער וואס רעגולירט זיין גאנג.

escape'ment wheel (עס-קייפ'-מענט הוויעל) דאס העמונגס-ראד אדער שטייג-ראד [דאס רעדעל פון א זייגער וואס רעגולירט דעם גאנג].


Escapment

escape' no'tice (עס-קייפ' נאו'-טיס) ניט בעמערקט ווערען.

Excuse me, your presence in the room escaped my notice.

escape' one's mem'ory (עס-קייפ' וואנז מעמ'-א-רי) אימעצען ארויס פון זינען.

These facts entirely escaped my memory.

esca'per *n.* (עס-קיי'-פער) איינער וואס אנטלויפט אדער ראטעוועט זיך.

escape' scot'-free (עס-קייפ' סקאט'-פריע) אויסדרעהען זיך אונבעשטראפט.

escape' the lips (עס-קייפ' מהי ליפס) זיך ארויסגליטשען [א ווארט] פון מויל.

escape'-valve *n.* (עס-קייפ'-וועלוו) דער ארויסלאז-ווענטיל [דער ווענטיל פון צילינדער אין א דאמפף-מאשין וואס לאזט ארויס דעם אבגעקיהלטען דאמפף].

escarp' *v. and n.* (עס-קארפ') מאכען משופע'דיג [וועגען א פעסטונגס-ווערק]; די זייט פון א פעסטונגס-גראבען, וועלכע ליעגט נאהנט צו דער פעסטונגס-וואנד וואס ווערט פון גראבען ארומגערינגעלט.

escarp'ment *n.* (עס-קארפ'-מענט) די משופע'דיגע זייט פון א בערגעל אדער א פעלזענשטיין; דער גראבען ארום א פעסטונגס-וואנד.

eschalot' *n.* (עש-ע-לאט') א זארט קליינע ציבעלע.

es'char *n.* (עס'-קאר) א קרעץ אויף דער הויט, ווי עס בילדעט זיך פון א בראנד-וואונד א. ד. ג.

escharot'ic *a. and n.* (עס-קע-ראט'-איק) וואס קען צושטערען דאס פלייש-געוועב און בילדען א קרעץ; א מיטעל וואס צושטערט אדער צוברענט דאס פלייש-געוועב.

eschatolog'ic *a.* (עס-קיי-טא-לאדז'-איק) וואס איז שייך צו דעם טייל פון רעליגיאן וואס בעשעפטיגט זיך מיט תחית המתים, מיט השארת הנפש, מיט דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

eschatolog'ical *a.* (עס-קיי-טא-לאדז'-אי-קעל) ז. *eschatologic*

eschatol'ogist *n.* (עס-קיי-טאל'-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם טייל פון רעליגיאן וואס בעהאנדעלט תחית המתים, השארת הנפש, דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

eschatol'ogy *n.* (עס-קיי-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון רעליגיאן וואס בעשעפטיגט זיך מיט תחית המתים, מיט השארת הנפש, מיט דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

escheat' *n. and v.* (עס-טשיעט') דאס אריינפאלען פון לאנד אדער גיטער צוריק אין די הענד פון דעם לאנד-הערר אדער שטאאט צוליעב דעם טויט פון רענטע-צאהלער וואס האט ניט געלאזען קיין יורשים; דער בעצירק אין ענגלאנד וואו דער לאנד-הערר אדער דער קעניג איז בערעכטיגט צו די גיטער פון וועלכע דער רענטע-צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען; א דאקומענט וואס ענטהאלט דאס רעכט אויף אזעלכע גיטער; דער גוט אדער בעזיץ וואס איז אזא רעכט אונטערווארפען; אריינפאלען צוריק [וועגען גיטער] אין די הענד פון לאנד-הערר אדער שטאאט, ווען דער רענטע-צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען; קאנפיסקירען א גוט אדער א בעזיץ.

eschea'table *a.* (עס-טשיע'-טעבל) וואס איז אונטערווארפען דעם רעכט אריינצופאלען צוריק אין די הענד פון לאנד-הערר אדער פון שטאאט, ווען דער רענטע-צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען [וועגען א גוט אדער בעזיץ]; וואס קען אבגענומען ווערען פאר'ן שטאאט.

eschea'tage *n.* (עס-טשיע'-טיידזש) דאס רעכט אויף א גוט אויף וועלכען עס געפינען זיך ניט קיין יורשים.

eschea'tor *n.* (עס-טשיע'-טאר) דער בעאמטער [אמאל אין ענגלאנד] וואס האט געהאט צו טהאן מיט גיטער, וואס האבען ניט קיין יורשים, אום זיי צוגעהמען פאר'ן שטאאט.

eschea'torship *n.* (עס-טשיע'-טאר-שיפ) דאס אמט אמאל אין ענגלאנד פון א רעגיערונגס-אנגעשטעלטען, וואס האט געהאט צו טהאן מיט גיטער, וועלכע האבען ניט קיין יורשים, אום זיי צוצונעהמען פאר'ן שטאאט.

eschew' *v.* (עס-טשו') אויסמיידען, שטעהן פון ווייטען, אויסווייכען.

In a discussion we should eschew personalities.

Eschscholt'zia *n.* (ע-שאולט'-סי-א) א מין שעהנע ווילדע מאהן-פלאנצען מיט שעהנע געלבע בלומען [וואקסט אם מייסטען אין קאליפארניען און אין דער אומגעגענד].

esclan'dre *n.* (עס-קלענ'-דער) א רוה-שטערונג; אן אורזאכע פאר א סקאנדאל; א סצענע.

esclavage' *n.* (עס-קלא-וואזש') אן אלט-מאדישער, שווערער פרויען-האלזבאנד.

escopet' *n.* (עס-קא-פעט') א האנד-ביקס [אזא קורצע ביקס].

escopette' *n.* (עס-קא-פעט') ז. *escopet*

escort' *v.* (עס-קאהרט') 1. בעגלייטען; 2. בעשיצען אדער בעוואכען [אויף א רייזע].

1. He is escorting his wife to the store.

es'cort *n.* (עס'-קאהרט) 1 אן עסקארט, בעגלייטונג; 2. בעגלייטונג מיט דעם צוועק צו בעשיצען [ווי פון סאלדאטען אדער פון א שיף]; 3. עהרען-וואך; בעגלייטער, בעשיצער, וואך [אויף א רייזע].

2. The President travels with an escort.

escritoir' *n.* (עס-קרי-טואר') ז. *escritoire*

escritoire' *n.* (עס-קרי-טואר') א שרייב-געצייג, א שרייב-טיש; א סעקרעטאר.

escrow' *n.* (עס-קראו') דאס איינלעגען א געזעצליכען דאקומענט ביי א שליש [ווען דער דאקומענט קען אריין אין קראפט בלויז אונטער געוויסע בעדינגונגען]; אזא דאקומענט; דאס האלטען אזא דאקומענט.

es'cuage *n.* (עס'-קיו-עדזש) א מיליטערישער שטייער, וואס מען פלעגט צאהלען אין מיטעלאלטער אנשטאט צו געהן אין מיליטער-דיענסט.

Escula'pian *n. and a.* (עס-קיו-ליי'-פי-ען) דער גאט פון מעדיצין אין דער גריכישער מיטאלאגיע; א מעדיצינער; וואס איז שייך צו דער הייל-קונסט אדער צו א מעדיצינער. ז. *Æsculapian*

es'culent *a. and n.* (עס'-קיו-לענט) עסבאר; וואס מען קען עסען; וואס ברייננגט ארויס אדער שאפט אן עסבארען פראדוקט; עטוואס וואס מען קען עסען; גרינסען וואס מען קען געברויכען אלס שפייזען [הויפטזעכליך געקאכטערהייד].

escutche'on *n.* (עס-קאטש'-אן) א שילד מיט הערבען; א הערב; די שילד אויף א שיף מיט דעם נאמען פון דער שיף; א בלעכעל איבער דער שליסעל-לאך אדער ביי דער עפנונג [פון א טהיר].

escutche'oned *a.* (עס-קאטש'-אנד) וואס טראגט א שילד; בעדעקט מיט א הערב אדער א שילד; בעדעקט מיט איינגעקריצטע פיגורען.

es'kar *n.* (עס'-קאר) — א אין געאלאגיע שיכט זאמד צווישען אייז-בערג אין גלעטשערס.

es'ker *n.* (עס'-קער) ז. *eskar*

Es'kimo *n. and a.* (עס'-קי-מאָו) אן עסקימאָס, איינער פון די האלב=ווילדע איינוואהנער פון די קאלטע געגענדען פון נארד=אמעריקא און פון גרענלאנד; וואס איז שייך צו די עסקימאָסען.

esoc'iform *a.* (ע-סאָס'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א העכט; ענליך צו א העכט.

es'ocoid *a. and n.* (עס'-א-קאיד) וואס איז שייך צו העכט; א העכט.

esod'ic *a.* (ע-סאָד'-איק) אין פיזיאלאָגיע — וואס גיבען איבער די איינדריקע צום מארך [וועגען געוויסע נערוועז].

esoph'agus *n.* (אי-סאָפ'-ע-גאָס) דער שלונד, דער שפייז=רעהר [דער רעהר, דורך וועלכען די שפייז נעהט אין מאָגען].

esoter'ic *a.* (עס-א-טער'-איק) עזאָטעריש, געהיים; וואס ווערט נאר געלערענט מיט ווענינע פערזאָנען [וואס מען איז מגלה ליחידי סגולה].

esoter'ical *a.* (עס-א-טער'-אי-קעל) ז. *esoteric*

esoter'ically *adv.* (עס-א-טער'-אי-קעל-אי) אין א געהיימען אופן, ניט ארויסגעבענדיג פאר אלעמען [וועגען געוויסע לעהרען אין די אמאליגע צייטען].

esoter'icism *n.* (עס-א-טער'-אי-סיזם) עזאָטעריזם, די לעהרען וואס פלעגען איבערגעגעבען ווערען נור צו יחידי סגולה און ניט פאר אלעמען; די איבערגעגעבענהייט צו קבלה אדער סתרי=תורה.

esoter'ics *n.* (עס-א-טער'-איקס) געהיימע לעהרען, סתרי תורה [ווי קבלה].

es'oterism *n.* (עס'-א-טער-איזם) ז. *esotericism*

es'oterist *n.* (עס'-א-טער-איסט) אן עזאָטעריסט, איינער וואס לערענט סתרי=תורה.

espal'ier *n.* (עס-פעל'-יער) א בוימער=גראטע אדער א שוץ=געלענדער פון ארומגעשטעלטע בוימער איינע לעבען די אנדערע.

espar'to *n.* (עס-פאר'-טאָו) א מין גראז וואס וואקסט אין זאמדיגע ערטער [אין צפון=אמעריקא].



Esparto-grasses

espe'cial *a.* (עס-פעש'-על) ספעציעל, בעזאנדערס; וואס איז ניט גלייך צו אנדערע פון זיין מין; הויפטזעכליך.

espe'cially *adv.* (עס-פעש'-על-אי) בעזאנדערס, הויפטזעכליך.

espi'al *n.* (עס-פאי'-על) די אויסשפיאָנירונג, די ענטדעקונג פון א געהיימניס.

es'pionage *n.* (עס'-פי-א-נעדזש) שפיאָנערייי.

esplanade' *n.* (עס-פלע-נייד') אן עספלאנאדע, אן אפענער פלאץ נעבען א געביידע; דער אפענער פלאץ צווישען א פעסטונג און דער שטאדט.

espou'sal *n. and a.* (עס-פאו'-זעל) א תנאים; א האכצייט; וואס געהערט צו האכציים.

espouse' *v.* (עס-פאוז') 1. הייראטען, חתונה האבען; מאכען תנאים; 2. פערטיידיגען, בעשיצען.

2. The editor espouses the cause of woman suffrage.

espou'ser *n.* (עס-פאו'-זער) דער וואס מאכט תנאים אדער פערהייראט; א פערטיידיגער, א שיצער.

esprit' *n.* (עס-פרי') גייסט; וויץ; געשיקטקייט אין ריידען.

esprit' de corps (עס-פרי' דע קאהר) דער גייסט אדער דאס געפיהל פון קאמעראדשאפט אדער חבר'שאפט.

The employees in the business show an esprit de corps.

espy' *v.* (עס-פאי') אויסשפיאָנירען; אויספארשען, ענטדעקען; דערזעהן פון וייטען; פלעצליך דערזעהן; דערקענען.

Esq. ***Esquire*** אן אבקירצונג פון ווארט האכוואהלגעבארען [ווערט געשריבען נאך'ן נאמען פון א פערזאן אלס העפליכקייטס=טיטעל].

Es'quimau *n.* (עס'-קי-מאָו) ז. ***Eskimo***

esquire' *n.* (עס-קהוואיר') אן עסקווייר, א יונקער [א טיטעל פאר אדעליגע וואס איז נידריגער ווי "ריטער"]; א קאוואליער, א מאנספערזאן וואס בעדיענט אדער בעגלייט א דאמע אויף א באל א. ד. ג.

esquisse' *n.* (עס-קיס') אן עסקיז, א סקיצע.

es'say *n.* (עס'-איי) א פערזוך, א פראבע; אן עסיי, א קורצע און ניט קיין גאנץ סיסטעמאטישע וויסענשאפטליכע אדער ליטערארישע אבהאנדלונג.

essay' *v.* (ע-סיי') פערזוכען, פראבירען, מאכען א פראבע.

essay'er *n.* (ע-סיי'-ער) איינער וואס פראבירט אדער מאכט א פראבע.

es'sayish *a.* (עס'-איי-איש) וואס האט דעם כאראקטער פון א פראבע.

es'sayist *n.* (עס'-איי-איסט) אן עסייי=שרייבער, א שרייבער פון קורצע און ניט גאנץ סיסטעמאטישע וויסענשאפטליכע אדער ליטערארישע אבהאנדלונגען

essayis'tic *a.* (עס-איי-איס'-טיק) וואס איז שייך צו אן עסיי אדער אן עסיי=שרייבער. ז. ***essayist***

es'sence *n. and v.* (עס'-ענס) דער עסענץ: דער תמצית; דער עקסטראקט; דער עיקר: דאס וועזען; דער שטאף; דער גייסט; א גערוך, א ריח; פארפיום; פארפיומירען.

es'sence of hon'or (עס'-ענס און אנ'-אר) א מוסטער פון עהרע.

Essenes' *n.* (ע-סינז') די איסיים אדער די עסייער [א געוויסע אידישע סעקטע אמאל אין ארץ ישראל אין דער צייט פון חורבן בית שני, פון וועלכער די מיטגליעדער האבען געפיהרט אן ארט אסקעטישען און קאמוניסטישען לעבען און האבען זעהר שטרענג אבגעהיט די דינים פון טהרה].

Esse'nian *a.* (ע-סי'-ני-ען) וואס איז שייך צו די איסיים אדער עסייער. ז. ***Essenes***

Esse'nism *n.* (ע-סי'-ניזם) די פרינציפען פון די איסיים אדער עסייער. ז. ***Essenes***

essen'tial *a. and n.* (ע-סען'-שעל) הויפטזעכליך, וועזענטליך, פונדאמענטאל, וויכטיג; וואס איז דער תמצית אדער דער עסענץ; א פונדאמענטאלער אדער הויפטזעכליכער פרינציפ.

essential'ity *n.* (ע-סען-שי-על'-אי-טי) די וועזענטליכקייט, הויפטזעכליכקייט.

essen'tially *adv.* (ע-סען'-שעל-אי) וועזענטליך, הויפטזעכליך; אין תוך, אין תמצית; פונדאמענטאל; אויף א וועזענטליכען אופן.

essen'tialness *n.* (ע-סען'-שעל-נעס) ז. ***essentiality***

essen'tial oils (ע-סען'-שעל אילז) עטהער=אויל.

estab'lish *v.* (עס-טעב'-ליש) בעפעסטיגען; איינשטעלען; איינריכטען; גרינדען; מאכען סאליד.

estab'lished church (עס-טעב'-לישט טשוירטש) די הערשענדע [אנגליקאנישע] קירך אין ענגלאנד.

estab'lished cred'it (עס-טעב'-לישט קרעד'-איט) גוטער קרעדיט.

The firm has an established credit.

estab'lisher *n.* (עס-טעב'-לי-שער) א גרינדער, אן איינפיהרער; איינער וואס מאכט סאליד.

estab'lishment *n.* (עס-טעב'-ליש-מענט) די בעפעסטיגונג אדער בעשטעטיגונג; די איינריכטונג; די גרינדונג; אן אנשטאלט; א געביידע; די הערשענדע קירך; איינקונפט, הכנסה.

estacade' *n.* (עס-טע-קייד') אן עסטאקאדע, א רייה פון דיקע קלעצער איבערגעבונדען מיט קייטען, מיט וועלכע מען צאמט ארום דעם ברעג פון ים אדער פון א טייך גענען דעם שונא'ס שיפען.

estadal' *n.* (עס-טא-דאל') אן עסטאדאל, א שפאנישע לענג=מאס [ענטהאלט 10 פוס מיט 11,6 צאל].

estafet' *n.* (עס-טע-פעט') אן עסטאפעט, א שליח, אן אנזאגער.

estafette' *n.* (עס-טע-פעט') ז. ***estafet***

estate' *n. and v.* (עס-טייט') א שטאנד, א צושטאנד, א לאגע; א פערמעגען, א גוט; איבערגעבען א גוט אדער פערמעגען.

estate' at suf'ferance (עס-טייט' עט סאפ'-ער-ענס) א גרונד=שטיק אדער גוט וואס מען האלט אין בעזיץ נאכדעם ווי מען האט שוין מעהר קיין געזעצליך רעכט ניט אויף דעם, נאר דערווירקליכער בעזיצער פראטעסטירט ניט.

estate' by suf'ferance (עס-טייט' באי סאפ'-ער-ענס) ז. ***estate at sufferance***

esta'ted *a.* (עס-טיי'-טעד) וואס בעזיצט.

estate' in tail (עס-טייט' אין טייל) א פערמעגען אדער גוט, אויף וועלכען עס ליגען געוויסע בעשרענקונגען בנוגע צו ירושה.

estates' of the realm (עס-טייטס' אוו טהי רעלם) די שטאנדען פון דער מלוכה.

estate' tail (עס-טייט' טייל) א פערמעגען, וואס עס קענען ירש'נען נור פארוים בעשטימטע יורשים.

esteem' *v. and n.* (עס-טיעם') שעצען, אכטען; בעטראכטען, מיינען; די שעצונג, די אכטונג; די בעדייטונג, דער ווערטה.

estee'mer *n.* (עס-טיע'-מער) איינער וואס שעצט, וואס אכטעט; איינער וואס האט א הויכע מיינונג וועגען אימעצען אדער עפעס.

esthematol'ogy *n.* (עס-טהי-מע-טאל'-א-דזשי) עסטעמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען די חושים אדער וועגען די ארגאנען פון די חושים.

es'thete *n.* (עס'-טהיט) אן עסטעטיקער, א מענש וואס איז איבערגעגעבען צו קונסט און שעהנהייט.

esthet'ic *a. and n.* (עס-טהעט'-איק) עסטעטיש; אן עסטעטיקער. ז. ***esthetics***

esthet'ical *a.* (עס-טהעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו עסטעטיק אדער צו דער וויסענשאפט וועגען געשמאק און שעהנהייט; וואס האט א שעהנהייטס-געפיהל אדער געשמאק.

esthet'ically *adv.* (עס-טהעט'-אי-קעל-אי) לויט די עסטעטישע פרינציפען; בנוגע צום געפיהל פון שעהנהייט.

estheti'cian *n.* (עס-טהי-טיש'-ען) איינער וואס שטודירט עסטעטיק. ז. ***esthetics***

esthet'icism *n.* (עס-טהעט'-אי-סיזם) עסטעטיציזם, די פרינציפען פון עסטעטיק; אן איבערגעטריבענע איבערגעבענהייט צו די שעהנהייטס-פארמען.

esthet'icize *v.* (עס-טהעט'-אי-סאיז) מאכען עסטעטיש; פערפאסען אין אנקלאנג מיט די כללים פון עסטעטיק.

esthet'ics *n.* (עס-טהעט'-איקס) עסטעטיק, די וויסענשאפט וועגען געשמאק און שעהנהייט.

Estho'nian *a. and n.* (עס-טהאו'-ני-ען) וואס בעלאנגט צו עסטאניען אדער עסטלאנד [א גובערניע אין מערב-רוסלאנד]; אן עסטלענדער; די עסטאנישע שפראך.

es'timable *a.* (עס'-טי-מעבל) וואס קען אבגעשעצט ווערען; וואס איז ווערטה צו זיין געשעצט אדער געאכטעט.

He is an estimable gentleman.

es'timableness *n.* (עס'-טי-מעבל-נעס) שאצבארקייט.

es'timably *adv.* (עס'-טי-מע-בלי) אויף אן אופן וואס פערדיענט געאכטעט צו ווערען.

es'timate *v. and n.* (עס'-טי-מייט) שאצען, בערעכנען; די שאצונג, די בערעכנונג.

es'timated course (עס'-טי-מיי-טעד קאורס) די ריכטונג פון א שיף על פי השערה [ניט גענוי אויסגערעכנעט].

estima'tion *n.* (עס-טי-מיי'-שאן) די שאצונג, די בערעכנונג; אן אבשאצונג; די מיינונג; די אורטיילונג וועגען עפעס; אכטונג.

es'timative *a.* (עס'-טי-מיי-טיוו) דענקענד; בערעכנענד, אורטיילענד.

es'timator *n.* (עס'-טי-מיי-טאר) אן אבשאצער, א בעאורטיילער.

es'timatory *a.* (עס'-טי-מיי-טא-רי) שאצענד, אורטיילענד.

estin'to *a.* (עס-טינ'-טא) אין מוזיק — אונטערגעהענד; וואס בעצייכענט דעם שוואכסטען לעצטען טאן אין פיאנא-שפיעל.

es'tival *a.* (עס'-טי-ועל) וואס ערשיינט אין זומער; וואס איז שייך צו זומער; זומערדיג.

es'tivate *v.* (עס'-טי-וויים) פערברייננען דעם זומער; אין זאאלאגיע — אבשלאפען דעם זומער [וועגען געוויסע מאלוסקען].

estiva'tion *n.* (עס-טי-וויי'-שאן) דאס פערברייננגען דעם זומער [ווי אין א זומער-פלאץ]; אין זאאלאגיע — דער זומער-שלאף פון געוויסע חיה'לעך [ווי מאלוסקען א. ד. ג.].

estop' *v.* (עס-טאפ') הינדערען, אבהאלטען.

estop'pel *n.* (עס-טאפ'-על) א הינדערונג, אן אבהאלט.

estop'ple *n.* (עס-טאפל') ז. ***estoppel***

estoufade' *n.* (עס-טוה-פייד') אן ארט קאכען לאנגזאם פלייש אין א פערמאכטער כלי.

esto'vers *n.* (עס-טאו'-וערז) מזונות וואס א מאן מוז לויט'ן געזעץ געבען דעם ווייב, אדער וואס מען מוז געבען אן ארעסטאנט און זיין פאמיליע, בעת ער זיצט אין טורמע.

estrade' *n.* (עס-טרייד') אן עסטראדע, א בימה.

estrange' *v.* (עס-טריינדזש') מאכען פרעמד, ענטפרעמדען; דערווייטערען.

estran'gedness *n.* (עס-טריינ'-דזשעד-נעס) דאס זיין ענטפרעמדעט אדער דערווייטערט.

estrange'ment *n.* (עס-טריינדזש'-מענט) דאס ווערען אדער מאכען פרעמד; ענטפרעמדונג; דערווייטערונג.

estran'ger *n.* (עס-טריינ'-דזשער) איינער וואס ענטפרעמדעט אדער דערווייטערט.

estrapade' *n.* (עס-טרע-פייד') דאס שטעלען זיך פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס אראבצואווארפען דעם רייטער, דאס אויסזעצען פון א פערד.

estray' *n.* (עס-טריי') אן אוועקגעלאפענעם אדער פערבלאנדזשעטעם הויז-טהיער; עטוואס וואס געהט ארום פון זינען.

estreat' *n. and v.* (עס-טריעט') אן אויסצוג אדער א קאפיע פון א דאקומענט; א בעשטעטיגטער אויסצוג פון א געריכטס-פראטאקאל; מאכען אן אויסצוג אדער א קאפיע פון א געריכטס-פראטאקאל.

estrepe' *v.* (עס-טריפ') אין געזעצגעבונג — פערדארבען עפעס; אנטהאן איינעם היזק דורך פערדארבונג [ווי אבשניידען די צווייגען פון איינעמס בוימער, אויסהאקען די בוימער פון איינעמס לאנד א. ד. ג.].

es'trich *n.* (עס'-טריטש) א פויגעל פון שטרויס-פויגעל.

es'tridge *n.* (עס'-טרידזש) ז. ***estrich***

E'-string *n.* (אי'-סטרינג) די דינסטע סטרונע פון א פיעדעל וועלכע גיט דעם העכסטען טאן.

estua'rian *a.* (עס-טשיו-איי'-רי-ען) ז. ***estuarine***

es'tuarine *a.* (עס'-טשיו-ע-ריין) וואס איז שייך צו א מינדונג פון א טייך [דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים].

es'tuary *n.* (עס'-טשיו-איי-רי) די מינדונג פון א טייך, דער טייל פון א טייך אין דעם ארט, וואו ער פאלט אריין אין ים און וואו אין טייך איז קענטיג די ווירקונג פון עבע און פלוטה [דאס טעגליכע שטייגען און פאלען פון וואסער].

esu'rient *a.* (אי-סיו'-רי-ענט) הונגריג.

étagère' *n.* (איי-טא-זשעהר') אן עטאזשערקע, א שאפקע מיט פאליצעס.

etape' *n.* (ע-טעפ') א שטאדטישער אדער דארפישער מאגאזין פאר סחורות; פראוויאנט פאר סאלדאטען אין דער צייט ווען זיי געהען דורך פון איין ארט אין אן אנדערען; אין רוסלאנד — אן עטאפ [דאס הויז וואו א פארטיע ארעסטאנטען שטעלען זיך אב אין זייער נאנג צום ארט, וואו מען שיקט זיי ארוים].

état'-major' *n.* (איי-טא'-מא-זשאהר') אין מיליטער — דער גענעראל-שטאב.

etc. ***et cetera*** אן אבקירצונג פון

et cet'era (עט-סעט'-ע-רא) און זא ווייטער, און דאסגלייכען.

etcet'era (עט-סעט'-ע-רא) ז. ***et cetera***

etch *v.* (עטש) אויספרעסען, אויסעסען, גראווירען מיט דער הילף פון אן עסענדען שטאף; סקיצירען, צייכענען.

etch'er *n.* (עטש'-ער) איינער וואס גראווירט מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען.

etch'ing *n.* (עטש'-אינג) דאס גראווירען מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען; א פיגור וואס איז אויסגראווירט מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען.

etch'ing-ground *n.* (עטש'-אינג-גראונד) דער לאק מיט וועלכען מען בעדעקט די ערטער פון דעם מעטאלענעם גראוויר-בלעכעל, וועלכע דארף פערהיט ווערען פון דעם אויסעסענדען שטאף.

etch'ing-nee'dle *n.* (עטש'-אינג-ניעדל) די גראוויר-נאדעל.

eter'nal *a. and n.* (אי-טויר'-נעל) אייביג, אייביג-דויערענד, אונענדליך, אונאויפהערליך; אהן אן אנהויב און אהן א סוף; אויסער דער צייט; עטוואס וואס דויערט אייביג; אייבינקייט.

Eter'nal *n.* (אי-טויר'-נעל) דער אייביגער [גאט].

Eter'nal Cit'y (אי-טויר'-נעל סיט'-אי) די אייביגע שטאדט [אזוי ווערט גערופען די שטאדט רוים].

eter'nal home (אי-טויר'-נעל האום) יענע וועלט.

eter'nalist *n.* (אי-טויר'-נעל-איסט) דער וואס האלט אז די וועלט איז א קדמון, אז די וועלט אדער די מאטעריע האט עקזיסטירט פון אייביג אן.

eternal'ity *n.* (אי-טויר-נעל'-אי-טי) דאס זיין אייביג; אייבינקייט.

eter'nalize *v.* (אי-טויר'-נעל-איז) ז. ***eternize***

eter'nally *adv.* (אי-טויר'-נעל-אי) אייביג, אונענדליך, אונאויפהערליך; אהן אן אנהויב און אהן א סוף.

eter'nalness *n.* (אי-טויר'-נעל-נעס) ז. ***eternality***

eternisa'tion *n.* (אי-טויר-ני-זיי'-שאן) ז. ***eternization***

eter'nise *v.* (אי-טויר'-נאיז) ז. ***eternize***

eter'nity *n.* (אי-טויר'-ני-טי) אייביגקייט; אונענדליכקייט; דאס זיין אויסער דער צייט; די עקזיסטענץ פאר דער געבורט און נאך דעם טויט.

eter'nity box (אי-טויר'-ני-טי באקס) א טרונע.

eterniza'tion *n.* (אי-טויר-ני-זיי'-שאן) פעראייביגונג, דאס מאכען אונשטערבליך [בעריהמט].

eter'nize *v.* (אי-טויר'-נאיז) פעראייביגען, מאכען אונענדליך, מאכען אויף אייביג און בעריהמט, מאכען אונשטערבליך.

ete'sian *a.* (אי-טי'-זשיען) פעריאדיש, וואס קומט אין בעשטימטע צייטען, וואס האלט אן א בעשטימטע צייט [הויפטזעכליך וועגען ווינדען].

e'ther *n.* (אי'-טהער) עטהער [עפיר], א פליסיגקייט וואס ווערט געברויכט ביי אפעראציאנען אלס אנעסטעטיק [בעטויבונגס-מיטעל אדער א מיטעל צו מאכען אונעמפפינדליך]; א מין לופט-שטאף, וועלכער, ווי מען גלויבט, געפינט זיך איבעראל, אפילו צווישען די אטאמען פון די געדיכטעסטע קערפער. דורך די וועלענארטיגע בעוועגונג פון עטהער ווערט איבערגעטראגען ליכט [מיט דער בעוועגונג פון'ם עטהער ווערען אויך ערקלערט די ערשיינונגען פון עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם]; אין דער אלט-גריכישער פילאזאפיע — אן עלעמענט וואס האט אנגעפילט די הימלען פון יענער זייט לבנה, א העבערער זארט פייער, פון וועלכען עס בעשטעהען די זון און די שטערען אדער א

העכערע זארט לופט, מיט וועלכער עס אטעמען די געטער.

ethe'real *a.* (אי-טהי'-רי-על) עטהעריש; וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עטהער; וואס איז עהנליך צו עטהער; הימליש, גייסטיג; לופט-ארטיג, לייכט; וואס לעבט אין דער לופט; הימעל-בלוי; לופטיג. ז. ***ether***

etherealisa'tion *n.* (אי-טהי-רי-על-אי-זיי'-שאן) ז. ***etherealization***

ethe'realise *v.* (אי-טהי'-רי-על-איז) ז. ***etherealize***

ethereal'ity *n.* (אי-טהי-רי-על'-אי-טי) דאס זיין עטהעריש; אונקערפערליכקייט, רוחניות'דיגקייט. ז. ***ether***

etherealiza'tion *n.* (אי-טהי-רי-על-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען עטהעריש אדער רוחניות'דיג. ז. ***ether***

ethe'realize *v.* (אי-טהי'-רי-על-איז) מאכען עטהעריש; מאכען רייז, עדעל אדער רוחניות'דיג. ז. ***ether***

ethe'really *adv.* (אי-טהי'-רי-על-אי) אויף'ן אופן ווי עטהער; דורך עטהער. ז. ***ether***

ethe'reous *a.* (אי-טהי'-רי-אס) עטהעריש; הימליש. ז. ***ether***

e'theriform *a.* (אי'-טהויר-אי-פארם) עהנליך צו עטהער. ז. ***ether***

etheriza'tion *n.* (אי-טהויר-אי-זיי'-שאן) בעטויבען, מאכען אונעמפפינדליך דורך עטהער; דער צושטאנד אונטער דער ווירקונג פון עטהער; פערוואנדלען אין עטהער, פראדוצירען עטהער. ז. ***ether***

e'therize *v.* (אי'-טהויר-איז) איינגעבען עטהער: פערוואנדלען אין עטהער. ז. ***ether***

e'therizer *n.* (אי'-טהויר-אי-זער) אן אפאראט צו בעטויבען מיט עטהער [ביי אפעראציאנען].

eth'ic *n. and a.* (עטה'-איק) עטהיק, זיטען-לעהרע, מאראל; עטהיש, זיטליך, מאראליש.

eth'ical *a.* (עטה'-אי-קעל) וואס איז שייך צו די פרינציפען פון עטהיק [זיטען-לעהרע מאראל].

Eth'ical Cul'ture Soci'ety (עטה'-אי-קעל קאל'-טשור סא-סאי'-ע-טי) א געזעלשאפט וואס האט די אויפגאבע צו פערשפרייטען מאראל-פרינציפען אזוי, אז די מאראל זאל פערנעהמען דעם פלאץ פון רעליגיאן.

eth'ically *adv.* (עטה'-אי-קעל-אי) לויט די פרינציפען פון עטהיק אדער מאראל.

eth'icize *v.* (עטה'-אי-סאיז) מאכען עטהיש; צושרייבען עטהישע איינענשאפטען.

eth'ics *n.* (עטה'-איקס) עטהיק, זיטען-לעהרע, מאראל; די וויסענשאפטען וואס זיינען געבויט אויף די פרינציפען פון מאראל

Ethio'pian *a. and n.* (אי-טהי-או'-פי-ען) וואס איז נוגע צו עטהיאפיע אדער אביסיניען [כוש]; אן איינוואהנער פון עטהיאפיע, א כושי, א נעגער.

Ethiop'ic *n.* (אי-טהי-אפ'-איק) די אלטע עטהיאפישע שפראך.

e'thiops mar'tial (אי'-טהי-אפס מאר'-שעל) שווארצער אייזען-אקסידול [דער שווארצער זשאווער אדער ראסט פון אייזען].

e'thiops min'eral (אי'-טהי-אפס מינ'-ער-על) א שווארצער מינעראל, וועלכער בעקומט זיך פון דער צוזאמענמישונג פון שוועבעל מיט קוועק-זילבער.

eth'moid *n.* (עטה'-מאיד) דער זיפ-ביין [א ביין וואס ענטהאלט אין זיך פיעל לעכעלעך און ליעגט אין דעם אויבערשטען טייל פון נאז].

eth'narch *n.* (עטה'-נארק) דער עטנארך, א וויצע-קעניג [אין אלט-גריכענלאנד].

eth'nic *a. and n.* (עטה'-ניק) עטניש, וואס בעלאנגט צו ראסען און פעלקער; היידיש, וואס-געהערט צו היידען אדער געצענדינער; אן עכו"ם, א געצענדינער.

eth'nical *a.* (עטה'-ני-קעל) ז. ***ethnic***

eth'nicism *n.* (עטה'-ני-סיזם) היידענטום, געצענדינעריי.

ethnogen'ic *a.* (עטה-נא-דזשען'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע איבער דער אבשטאמונג פון ראסען און פעלקער.

ethnog'eny *n.* (עטה-נאדזש'-ע-ני) עטנאגעניע, די לעהרע איבער דער אבשטאמונג פון ראסען און פעלקער.

ethnog'rapher *n.* (עטה-נאג'-רע-פער) אן עטנאגראף, דער וואס בעשרייבט דאס לעבען און די זיטען פון פעלקער און ראסען.

ethnograph'ic *a.* (עטה-נא-גרעפ'-איק) וואס געהערט צו עטנאגראפיע אדער צו דער בעשרייבונג פון פעלקער.

ethnograph'ical *a.* (עטה-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***ethnographic***

ethnograph'ically *adv.* (עטה-נא-גרעפ'-אי-קעל-אי) לויט די כללים און מעטאדען פון עטנאגראפיע.

ethnog'raphist *n.* (עטה-נאג'-רע-פיסט) ז. ***ethnographer***

ethnog'raphy *n.* (עטה-נאג'-רע-פי) עטנאגראפיע, די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון ראסען און פעלקער.

ethnolog'ic *a.* (עטה-נא-לאדזש'-איק) וואס איז נוגע צו עטנאלאגיע אדער צו דער וויסענשאפט וועגען לעבען און זיטען פון פעלקער און ראסען.

ethnolog'ical *a.* (עטה-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***ethnologic***

ethnolog'ically *adv.* (עטה-נא-לאדזש'-אי-קעל-אי) ווי אן עטנאלאג; לויט די כללים און מעטאדען פון דער עטנאלאגיע.

ethnol'ogist *n.* (עטה-נאל'-א-דזשיסט) אן עטנאלאגיסט, איינער וואס שטודירט עטנאלאגיע.

ethnol'ogy *n.* (עטה-נאל'-א-דזשי) עטנאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען די מענשליכע ראסען און פעלקער, זייער לעבען און זיטען.

ethog'raphy *n.* (אי-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די מאראלע איינענשאפטען פון מענשען.

etholog'ic *a.* (עטה-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען דער אויסבילדונג פון מענשליכען כאראקטער.

etholog'ical *a.* (עטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***ethologic***

ethol'ogy *n.* (אי-טהאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען מענשליכע זיטען און מדות; עטהיק.

e'thos *n.* (אי'-טהאס) דער גייסט פון א פאלק, וואס דריקט זיך אויס אין זיין כאראקטער, זיטען, פעהיגקייטען א. ד. ג.; אין עסטעטיק — די שטריכען פון א קונסטווערק, וועלכע דריקען אויס אן אלגעמיינע, אוניווערזאלע אידעע און א הויכען מאראלישען אידעאל.

eth'yl *n.* (עטה'-איל) עטהיל, אן ארגאנישע כעמישע פערבינדונג פון קויהלען-שטאף און וואסער-שטאף.

eth'yl al'cohol (עטה'-איל על'-קא-האל) ז. ***ethylic alcohol***

eth'ylated *a.* (עטה'-אי-ליי-טער) פערבונדען מיט עטהיל, א כעמישער פראדוקט וואס ענטהאלט א פערבינדונג פון קויהלען-שטאף און וואסער-שטאף.

ethyl'ic *a.* (עטה-איל'-איק) ז. ***ethylated***

ethyl'ic al'cohol (עטה-איל'-איק על'-קא-האל) אלקאהאל.

e'tiolate *v.* (אי'-טי-א-לייט) בלייך אדער ווייס ווערען; בלייכען.

etiola'tion *n.* (אי-טי-א-ליי'-שאן) דאס ווערען ווייס אדער בלייך.

e'tiolize *v.* (אי'-טי-א-לאיז) ז. ***etiolate***

etiquette' *n.* (עט-אי-קעט') עטיקעטע, די אלגעמיין אנגענומענע כללים פון בעגעהמען זיך אין דער געזעלשאפט, די אנגענומענע כללים פון העפליכקייט.

et'na *n.* (עט'-נא) א כלי צום אנווארעמען וואסער אויף ברענענדען אלקאהאל.

Et'na *n.* (עט'-נא) דער ווולקאן עטנא [א בעוואוסטער פייערשפייענדער בארג אין סיציליען, איטאליען].

Etne'an *a.* (עט-ני'-ען) וואס איז שייך צו דעם ווולקאן עטנא.

Eto'nian *a. and n.* (אי-טאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דער שטאדט איטאן אין ענגלאנד אדער צו דער הויכשוהל וואס דארטען געפינט זיך: איינער וואס האט שטודירט אין דער הויכשוהל פון איטאן.

Etru'rian *a. and n.* (עט-רו'-רי-ען) ז. ***Etruscan***

Etrus'can *a. and n.* (עט-ראס'-קען) וואס איז שייך צו דער פארצייטינער פראווינץ עטרוריען אין צענטראל איטאליען אדער צו די דארטינע איינוואהנער, זייער קולטור און קונסט; אן איינוואהנער פון עטרוריען.

étude' *n.* (ע-טיוד') אן עטיוד, אן ענטווארף פון א קונסט-ווערק; א ניט-פאלקאם בעארבייטעט קונסט-ווערק [אין מאהלעריי, ליטעראטור, מוזיק א. ד. ג.]; א מוזיקאלישע איבונגס-שטיק.

étui' *n.* (ע-טהווי') אן עטווי, א קליין פערציערט שאכטעל [צו האלטען קארטען, צינארעטען אדער אנדערע קליינינקייטען].

etymolog'ic *a.* (עט-אי-מא-לאדזש'-איק) ז. ***etymological***

etymolog'ical *a.* (עט-אי-מא-לאדזש'-אי-קעל) עטימאלאגיש, וואס געהערט צו דעם טייל פון גראמאטיק, וועלכער ענטהאלט די לעהרע איבער די פארמען און שרש פון ווערטער.

etymolog'ically *adv.* (עט-אי-מא-לאדזש'-אי-קעל-אי) עטימאלאגיש, לויט די פרינציפען און רעגעלען פון עטימאלאגיע. ז. ***etymology***

etymol'ogist *n.* (עט-אי-מאל'-א-דזשיסט) אן עטימאלאגיסט, א ווארט-פארשער; איינער וואס אונטערזוכט דעם שרש, די ענטוויקלונג און בעדייטונג פון ווערטער.

etymol'ogize *v.* (עט-אי-מאל'-א-דזשאיז) נאכפארשען דעם שרש און די בעדייטונג פון ווערטער.

etymol'ogy *n.* (עט-אי-מאל'-א-דזשי) עטימאלאגיע, ווארט-פארשונג; דער טייל פון גראמאטיק וועלכער ענטהאלט די לעהרע איבער די פארמען און דעם שרש פון ווערטער.

et'ymon *n.* (עט'-אי-מאן) דער שרש פון א ווארט; דער תוך פון א געדאנק.

etyp'ic *a.* (אי-טיפ'-איק) אין בילא-

גיע — וואס טרעט אב פון געוועהנליכען טיפ; וואס הויבט זיך אן צו ענטוויקלען אין אן אנדער ביאלאגישער פארם.

etyp'ical *a.* (אי-טיפ'-אי-קעל) ז. *etypic*.

Eucalyp'tus *n.* (יו-קע-ליפ'-טאס) א גרויסער מין פון אימער-גרינע ביימער און קוסטעס וואס וואקסען הויפטזעכליך אין אויסטראליען. אייניגע זארטען ביי-מער פון דיעזען מין זיינען די העכסטע אין דער וועלט, דערגרייכענד אין דער הויך ביז 400 און 500 פוס.

eu'charist *n.* (יו'-קע-ריסט) דאס סאקראמענט אדער דאס הייליגע אבענד-מאהל אין דער קריסטליכער קירך [די צערעמאניע פון פערזוכען אין קירך פון דעם הייליגען ווייז און ברויט מיט דעם גלויבען, אז דערמיט ווערט דער מענש פעראייניגט אויך א געהיימען אופן מיט קריסטוס'עס קערפער און ווערט פריי פון זינד און מסוגל צום אייביגען לעבען].

eucharis'tic *a.* (יו-קע-ריס'-טיק) וואס געהערט צום סאקראמענט אדער צום הייליגען אבענדמאהל. ז. *eucharist*.

eucharis'tical *a.* (יו-קע-ריס'-טי-קעל) ז. *eucharistic*.

eu'clase *n.* (יו'-קליים) זעהר א ברעכ-קעלדיגער מינעראל פון א גלאנציגען, גרינ-ליכען קאליר. געפינט זיך אין גרויסע מאסען אין בראזיליען.

euchlo'rin *n.* (יו-קלאו'-רין) א מין גאז, וואס האט זעהר א שטארקע עקס-פלאדירענדע אדער אויפרייסענדע קראפט.

euchol'ogy *n.* (יו-קאל'-א-דזשי) די לי-טורגיע, דאס בוך פון רעליגיעזע תפילות אין די קריסטליכע קירכען.

eu'chroite *n.* (יו'-קרא-איט) דער אויכראאיט [א מין גרינליכער דורכזיכ-טיגער מינעראל].

eudæmon'ics *n.* (יו-די-מאנ'-איקס) ז. *eudemonism*.

eudæ'monism *n.* (יו-די'-מאנ-איזם) ז. *eudemonism*.

eude'mon *n.* (יו-די'-מאן) א גוטער מלאך.

eude'monism *n.* (יו-די'-מאנ-איזם) אוידעמאניזם, די עטהישע לעהרע, אז דער הויפט-ציעל פון לעבען איז דאס מענשליכע גליק.

eude'monist *n.* (יו-די'-מאנ-איסט) אן אוידעמאניסט, איינער וואס האלט, אז דער העכסטער ציעל פון לעבען איז דאס גליק פון מענשען.

eudemonis'tic *a.* (יו-די-מאנ-אים'-טיק) וואס איז נוגע צו דער לעהרע פון אוידעמאניזם. ז. *eudemonism*.

eudemonolog'ical *a.* (יו-די-מאנ-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *eudemonistic*.

eudemonol'ogy *n.* (יו-די-מאנ-אל'-א-דזשי) אוידעמאנאלאגיע, די לעהרע וועגען מענשליכען גליק.

eudiom'eter *n.* (יו-די-אמ'-ע-טער) אן אודיאמעטער [אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען מעסט די ריינקייט פון דער לופט אדער פון גאזען].

eudiomet'ric *a.* (יו-די-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו דער מעסטונג פון דער ריינקייט פון לופט אדער גאזען.

eudiomet'rical *a.* (יו-די-א-מעט'-רי-קעל) ז. *eudiometric*.

eudiom'etry *n.* (יו-די-אמ'-עט-רי) אוידיאמעטריע, דאס מעסטען די ריינ-קייט פון לופט אדער גאזען.

eugen'ics *n.* (יו-דזשענ'-איקס) די ווי-סענשאפט וועגען די פערבעסערונג פון

מענשליכען מין דורך רעגולירען די הייר-ראטס-בעציהונגען.

euhe'merism *n.* (יו-הי'-מע-ריזם) די לעהרע, אז די מיטאלאגישע געטער און העלדען זיינען מענשען, וועלכע זיינען פערגעטערט געווארען נאך זייער טויט; די לעהרע, אז מיטאלאגיע שטאמט פון היסטאריע.

eukai'rite *n.* (יו-קיי'-ראיט) יוקאריט [א מינעראל פון א גלאנציגען בליי-גרויען קאליר].

eulo'gious *a.* (יו-לאו'-דזשי-אס) ז. *eulogistic*.

eu'logise *v.* (יו'-לא-דזשאיז) ז. *eulogize*.

eu'logism *n.* (יו'-לא-דזשיזם) ז. *eulogy*.

eu'logist *n.* (יו'-לא-דזשיסט) א לויב-רעדנער, איינער וואס לויבט צופיעל.

eulogis'tic *a.* (יו-לא-דזשיס'-טיק) וואס ענטהאלט איבערטריבענע לויב; צו-פיעל לויבענד.

eulogis'tical *a.* (יו-לא-דזשיס'-טי-קעל) ז. *eulogistic*.

eulogis'tically *adv.* (יו-לא-דזשיס'-טי-קעל-אי) דורך אן איבערטריבענע לויב.

eulo'gium *n.* (יו-לאו'-דזשי-אם) ז. *eulogy*.

eu'logize *v.* (יו'-לא-דשאיז) שטארק לויבען; זינגען אימעצען א לויב-געזאנג.

eu'logy *n.* (יו'-לא-דזשי) א לויב-געזאנג, א שטארקער שבח.

eu'nomy *n.* (יו'-נא-מי) גלייכע רעכטע; א רעגיערונגס-סיסטעם וואס איז געגרינ-דעט אויף די פרינציפען פון גלייכע רעכטע און גערעכטיגקייט.

eu'nuch *n., a. and v.* (יו'-נאק) א סרים [א קאסטרירטער, איינער וואס מען האט איהם געמאכט אוים זכר]; א יעוו-נוך [א סרים, וואס האט די אויפזיכט איבער אן הארעם]; אונפרוכטבאר, וויסט; מאכען פאר א יעוונוך; קאסטרי-רען [מסרס זיין].

eu'nuchism *n.* (יו'-נאק-איזם) דאס זיין א סרים אדער יעוונוך. ז. *eunuch*.

eu'patory *n.* (יו'-פע-טא-רי) דער וואסערדאסט [אזא פלאנצע מיט ביטע-רע בלעטער און רויטע אדער ווייסע קוי-לעכדיגע בליהונגען. וואקסט מעהרסטענ-טייל אין די הייסע געגענדען פון אמע-ריקא. אייניגע מינים פון דיעזער פלאנ-צע ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Eupatory

eupep'sia *n.* (יו-פעפ'-סי-א) גוטע פער-דייאונג.

eupep'sy *n.* (יו-פעפ'-סי) ז. *eupepsia*.

eupep'tic *a.* (יו-פעפ'-טיק) וואס פער-דייט גוט; וואס פעראורזאכט גוטע פער-דייאונג; וואס איז שייך צו גוטער פער-דייאונג.

eu'phemism *n.* (יו'-פי-מיזם) אין רעד-טאריק — אן עפעמיזם, דער געברויך פון אן עדעלערען אויסדרוק אנשטאט א גרא-בען, בעליידיגענדען אדער פערשוועכענ-דען; אזא אויסדרוק [ווי למשל: "נסתלק געווארען" אנשטאט "געשטארבען"].

eu'phemist *n.* (יו'-פי-מיסט) איינער וועלכער געברויכט מילדע אויסדריקע אנ-שטאט גראבע, בעליידיגענדע און פער-שוועכענדע; איינער וואס געברויכט עפע-מיזמען. ז. *euphemism*.

euphemis'tic *a.* (יו-פי-מים'-טיק) וואס איז שייך צו עפעמיזמען, וואס ענט-האלט עפעמיזמען. ז *euphemism*.

euphemis'tical *a.* (יו-פי-מים'-טי-קעל) ז. *euphemistic*.

eu'phemize *v.* (יו'-פי-מאיז) געברוי-כען עפעמיזמען, רעדען מיט מילדע אויס-דריקע. ז. *euphemism*.

euphon'ic *a.* (יו-פאנ'-איק) וואס איז שייך צו א הארמאניום [אן ארגעל-ארטי-גער מוזיקאלישער אינסטרומענט, וועלכער גיט ארויס מילדע, אנגענעהמע טענער]; וואס קלינגט שעהן, לייכט און אנגענעהם.

euphon'ical *a.* (יו-פאנ'-אי-קעל) ז. *euphonic*.

eupho'nious *a.* (יו-פאו'-ני-אס) ז. *euphonic*.

eu'phonism *n.* (יו'-פא-ניזם) אן אנ-גענעהמער קלאנג; אן אנגענעהמע קלאנ-גען-פערבינדונג.

eu'phonize *v.* (יו'-פא-נאיז) מאכען שעהן-קלינגענד אדער אנגענעהם-קלינגענד.

eupho'non *n.* (יו-פאו'-נאן) א הארמא-ניום [אן ארגעל-ארטיגער מוזיקאלישער אינסטרומענט, וועלכער גיט ארוים מיל-דע, אנגענעהמע טענער].

eu'phonous *a.* (יו'-פא-נאס) ז. *euphonic*.

eu'phony *n.* (יו'-פא-ני) דאס ארויס-ברייגנען קלאנגען לייכט און אנגענעהם; מאכען הארמאניש - אדער מעלאדיש; א הארמאנישע, אנגענעהמע, גלאטע צוזא-מענבינדונג פון ווערטער און זעצע.

Euphor'bia *n.* (יו-פאהר'-בי-א) די וואלפס-מילך [א מין גראזען און אויך קוסטעס, וועלכע ענט-האלטען אין זיך א גיפטיגען מילך-זאפט. ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Euphorbia

eupho'ria *n.* (יו-פאו'-רי-א) אין פא-טאלאגיע — דאס לייכט אריבערטרא-גען א וועהטאג; דער צושטאנד פון א קראנ-קען ווען ער פיהלט זיך גוט.

eu'phrasy *n.* (יו'-פרע-סי) די אויגען-טרייסט [א מין גראז, וואס מען פלעגט אמאל האלטען אלס רפואה צו אויגען-וועהטאג].

eu'phuism *n.* (יו'-פיו-איזם) א סטיל אין שרייבען וואו עס ווערט געשטאטען מיט הויכע מליצות; א באמבאסטישער, מליצה'-דיגער סטיל.

eu'phuist *n.* (יו'-פיו-איסט) איינער וואס געברויכט הויכע מליצות.

euphuis'tic *a.* (יו-פיו-איס'-טיק) וואס איז צופיעל מליצה'דיג.

euphuis'tically *adv.* (יו-פיו-איס'-טיק-על-אי) געברויכענדיג צופיעל מליצה.

eu'phuize *v.* (יו'-פיו-איז) געברויכען צו הויכע מליצה.

Eura'sia *n.* (יו-ריי'-שיא) דער קאנטינענט פון אייראפא און אזיען.

Eura'sian *a. and n.* (יו-ריי'-שיען) וואס געפינט זיך אין אזיען און אייראפא; וואס איז נוגע צו ביידע וועלט-טיילען, אייראפא און אזיען; געמישט פון אייראפעאישען און אזיאטישען בלוט; איינער וואס איז האלב אן אייראפעער און האלב אן אזיאט; איינער וואס האט אין זיך אייראפעאיש און אזיאטיש בלוט.

Eurasiat'ic *a.* (יו-ריי-שי-עט'-איק) וואס געפינט זיך אין אזיען און אין אייראפא; וואס איז שייך צו אייראפא און אזיען; געמישט פון אייראפעאישען און אזיאטישען בלוט.

eure'ka (יו-רי'-קא) איך האב עס געפונען!

euremat'ics *n.* (יו-רי-מעט'-איקס) די געשיכטע פון טעכנישע ערפינדונגען; דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס איז שייך צו טעכנישע ערפינדונגען.

euri'pus *n.* (יו-ראי'-פאס) א שמאלער פאס ים צווישען צוויי שטיקער לאנד, וואו דער צופלוס און אבפאל פון וואסער [פלוט און עבע] איז זעהר שטארק.

Euroc'lydon *n.* (יו-ראק'-לי-דאן) א נארד-אסט-ווינד.

Eu'rope *n.* (יו'-ראופ) אייראפא.

Europe'an *a. and n.* (יו-רא-פי'-ען) אייראפעאיש; אן אייראפעער.

Europe'an con'cert (יו-רא-פי'-ען קאנ'-סערט) א פערשטענדניס צווישען די רעגיערונגען פון די גרויסע אייראפעאישע מלוכות צו האנדלען איינשטימיג בנוגע צו געוויסע דיפלאמאטישע פראגען.

Europe'anism *n.* (יו-רא-פי'-ענ-איזם) דאס אייראפעערטום; דאס זיין אייראפעאיש אדער אייראפעאיזירט.

Europeaniza'tion *n.* (יו-רא-פי-ענ-אי-זיי'-שאן) דאס אייראפעאיזירען דאס מאכען אדער ווערען אן אייראפעער.

Europe'anize *v.* (יו-רא-פי'-ענ-איז) מאכען אייראפעאיש, מאכען פאר אן אייראפעער.

euryth'my *n.* (יו-ריטה'-מי) אין קונסט — די הארמאניע און עלעגאנץ פון פראפארציע; אין מעדיצין — די רעגעלמעסיגקייט פון פולס [דופק].

Eusta'chian *a.* (יו-סטיי'-קי-ען) וואס איז שייך צו דעם בעריהמטען איטאליענישען אנאטאם אויסטאכיוס [געלעבט אין 16טען יאהרהונדערט].

Eusta'chian tube (יוס-טיי'-קי-ען טיוב) דער אויסטאכישער ראהר [דער ראהר ביי א קינד אין מוטער'ס בויך, וואס פערבינדעט דעם אויער מיט דעם מויל].

Eusta'chian valve (יוס-טיי'-קי-ען וועלוו) די אויסטאכישע ווענטיל [אין הארץ פון א קינד אין מוטער'ס בויך, דורך וועלכען עס ווערט רעגולירט די בלוט-צירקולאציאן].

eu'style *a.* (יו'-סטאיל) אין ארכיטעקטור — וואס האט א שעהנע גרופירונג פון זיילען.

eu'taxy *n.* (יו'-טעק-סי) א גוטע אדער ריכטיגע ארדנונג.

eutec'tic *a. and n.* (יו-טעק'-טיק) וואס ווערט לייכט צושמאלצען; א לעגירונג [צוזאמענגעגאסענע מעטאלען], וואס ווערט לייכט צושמאלצען.

Euter'pe *n.* (יו-טויר'-פי) אויטערפע, די מוזע פון לירישען געזאנג און דיכטונג [איינע פון די מוזען אין דער גריכישער מיטאלאגיע]; א מין דינע און גלייכע דרום-אמעריקאנישע פאלמע, וואס דערגרייכט אפט ביז 100 פוס אין הויך; א מין באבעלע אדער שמעטערלינג.

Euter'pean *a.* (יו-טויר'-פי-ען) וואס איז שייך צו דער מוזע אויטערפע. ז. *Euterpe*

euthana'sia *n.* (יו-טהע-ניי'-שי-א) א גרינגער שמערצלאזער טויט [מיתה בנשיקה]; א מיטעל צו פערשאפען א גרינגען טויט.

euthan'asy *n.* (יו-טהען'-ע-סי) ז. *euthanasia*

eu'trophy *n.* (יו'-טרא-פי) אין פיזיאלאגיע—געזונטע נאהרונג, געזונטע שפייז.

evac'uant *a. and n.* (אי-וועק'-יו-ענט) אויסלעדיגענד, רייניגענד; אבפיהרענד; אן אבפיהרונגס-מיטעל.

evac'uate *v.* (אי-וועק'-יו-אייט) אויסלעדיגען, רייניגען; אבפיהרען; פערלאזען [אן ארט]; אוועקנעהמען, צונעהמען; זיך אויסלעדיגען, ארויסלאזען.

evacua'tion *n.* (אי-וועק-יו-איי'-שאן) אויסלעדיגונג, אויסלעערונג, רייניגונג; אבפיהרונג; פערלאזונג [פון אן ארט]

Evacua'tion day (אי-וועק-יו-איי'-שאן דיי) דער טאג, ווען די לעצטע ענגלישע סאלדאטען האבען פערלאזען ניו יארק [25טען נאוועמבער 1783, נאך דער אמעריקאנער רעוואלוציאן].

evac'uative *a.* (אי-וועק'-יו-איי-טיוו) אויסלעדיגענדיג, אויסרייניגענדיג, אבפיהרענד.

evac'uator *n.* (אי-וועק'-יו-איי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס לעדיגט אויס.

eva'dable *a.* (אי-וויי'-דעבל) אויסמיידבאר, אויסוויכבאר.

evade' *v.* (אי-וויד') אויסמיידען, אויסוויכען; זיך ארויסדרעהען; זיך דרעהען [ניט זיין קלאר אדער בעשטימט]; זיך ניט לאזען פערשטעהן אדער ערקלערען.

eva'dible *a.* (אי-וויי'-דיבל) ז. *evadable*

evaga'tion *n.* (אי-ווע-גיי'-שאן) דאס ארומבלאנדזשען, דאס ארומוואנדערען; אן אויספלוג, אן אויספאהר.

evag'inable *a.* (אי-וועדזש'-אי-נעבל) וואס מען קען אויסקעהרען אדער אויפדעקען.

evag'inate *v.* (אי-וועדזש'-אי-נייט) אויסקעהרען, אויפדעקען.

evagina'tion *n.* (אי-וועדזש-אי-ניי'-שאן) דאס אויסקעהרען אדער אויפדעקען.

eval'uate *v.* (אי-וועל'-יו-אייט) בעשטימען דעם ווערטה; פארזיכטיג אבשאצען; אין מאטעמאטיק — בעשטימען די נומערישע צאהל.

evalua'tion *n.* (אי-וועל-יו-איי'-שאן) פארזיכטיגע אבשאצונג; אין מאטעמאטיק — בעשטימונג פון א נומערישער צאהל.

eval'vular *a.* (אי-וועל'-וויו-לאר) אין באטאניק — וואס עפענט זיך ניט דורך ווענטילען.

evanesce' *v.* (עוו-ע-נעס') פערשווינדען ביסלעכווייז.

evanes'cence *n.* (עוו-ע-נעס'-ענס) שטופענווייזע פערשווינדונג; דאס האבען די פעהיגקייט אדער די נייגונג ביסלעכווייז צו פערשווינדען.

evanes'cent *a.* (עוו-ע-נעס'-ענט) שווינדענד; פערשווינדענדיג שטופענווייז; האבענדיג די נייגונג אדער די פעהיגקייט ביסלעכווייז צו פערשווינדען; פערקלענערט ביז אומערקבארקייט; אונמערקבאר; אין נאטור-געשיכטע — ניט שטאנדהאפט, אונבעשטימט, וואס מען קען זיך דארויף ניט פערלאזען, וואס מען קען דארויף ניט בויען; אין ענטאמאלאגיע — וואס ווערט אטראפירט אדער וואס שטארבט ביסלעכווייז אב [ווענען געוויסע טיילען פון קערפער ביי אינזעקטען].

evanes'cently *adv.* (עוו-ע-נעס'-ענט-לי) אויף א שווינדענדען שטייגער; פערשווינדענדיג שטופענווייז.

evan'gel *n.* (אי-ווענ'-דזשעל) א בשורה; איינער וואס ברענגט א גוטע בשורה.

evangel'ic *a.* (אי-ווענ-דזשעל'-איק) עוואנגעליש. ז. *evangelical*

evangel'ical *a. and n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל) עוואנגעליש, וואס איז שייך צו אדער וואס איז אין איינקלאנג מיט דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט, ברית חדשה]; וואס געפינט זיך אין דעם נייעם טעסטאמענט; וואס האלט זיך בלויז אן דעם נייעם טעסטאמענט [הויפטזעכליך וואס בעלאנגט צו דער עוואנגעלישער קירכע, וועלכע אנערקענט נים דעם פאפסט]; איינער וואס האלט זיך שטרענג אן עוואנגעליום; אן עוואנגעליסט, אן אנהענגער פון דער עוואנגעלישער קירכע.

evangel'icalism *n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל-איזם) דאס האלטען זיך שטרענג אן דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט]; אנהענגערשאפט צו דער עוואנגעלישער קירכע.

evangel'ically *adv.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל-אי) לויט דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט], עוואנגעליש.

evangel'icalness *n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-קעל-נעס) דאס זיין עוואנגעליש; דאס זיין אין איינקלאנג מיט'ן עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט].

evangel'icism *n.* (אי-ווענ-דזשעל'-אי-סיזם) די לעהרען פון עוואנגעליום אדער פון דער עוואנגעלישער קירכע.

evangelic'ity *n.* (אי-ווענ-דזשע-ליס'-אי-טי) דאס זיין עוואנגעליש; אנהענגערשאפט צו דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט] אדער צו די פרינציפען פון דער עוואנגעלישער קירכע.

evangelisa'tion *n.* (אי-ווענ-דזשעל-אי-זיי'-שאן) ז. *evangelization*

evan'gelise *v.* (אי-ווענ'-דזשעל-איז) ז. *evangelize*

evan'gelism *n.* (אי-ווענ'-דזשעל-איזם) די פערברייטונג פון דער לעהרע פון דעם עוואנגעליום אדער פון דעם נייעם טעסטאמענט.

evan'gelist *n.* (אי-ווענ'-דזשעל-איסט) אן עוואנגעליסט, א פרעדיגער פון דער לעהרע פון דעם נייעם טעסטאמענט; די פערפאסער פון די פיער עוואנגעליומס; ביי די מארמאנען — א פאטריארך, אזא קירכען-בעאמטער.

evangelis'tic *a.* (אי-ווענ-דזשע-ליס'-טיק) עוואנגעליש; וואס פערשפרייט אדער פרעדיגט די לעהרען פון עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט]; וואס איז שייך

צו אז עוואנגעליסט אדער פּרעדיגער פון עוואנגעליום.

evangeliza'tion *n.* (אי-וועג-דזשעל-אי-זיי'-שאַן) דאס פּרעדיגען אדער פערשפּרייטען דעם עוואנגעליום [נייער טעסטאמענט]; בעקעהרען צום עוואנגעליום.

evan'gelize *v.* (אי-וועג'-דזשעל-איז) פערברייטען די לעהרע פון דעם נייעם טעסטאמענט.

evan'ish *v.* (אי-וועג'-איש) פערשווינדען.

evan'ishment *n.* (אי-וועג'-איש-מענט) פערשווינדונג, דאס פערשווינדען.

evani'tion *n.* (עוו-ע-ניש'-אַן) ז. *evanishment*

evaporabil'ity *n.* (אי-וועפּ-א-רע-ביל'-אי-טי) דאס אויסגעוועפּט אדער אויסגעדונסטעט ווערען.

evap'orable *a.* (אי-וועפּ'-א-רעבל) וואס קען אויסדונסטען, וואס קען אויסוועפּען.

evap'orate *v.* (אי-וועפּ'-א-רייט) 1. אויסדונסטען, אויסוועפּען; זיך פערוואנדלען אין דאמפּף אדער פּארע; 2 צושטרייט ווערען, פערשווינדען.

2. Too often the spirit of a writer evaporates in a translation.

evapora'tion *n.* (אי-וועפּ-א-ריי'-שאַן) די אויסדונסטונג אדער אויסוועפּונג, די פערוואנדלונג פון א פליסיגער זאך אין דונסט אדער פּארע.

evap'orative *a.* (אי-וועפּ'-א-ריי-טיוו) וואס וועפּט זיך אויס; וואס איז שייך צו דער פערוואנדלונג פון א פליסיגער זאך אין דונסט אדער פּארע.

evap'orator *n.* (אי-וועפּ'-א-ריי-טאר) אן אפּאראט צום טריקענען פרוכט א. ד. ג.

evaporom'eter *n.* (אי-וועפּ-א-ראָמ'-ע-טער) אן אפּאראט אויסצומעסטען די מאסע פון וואסער וואס ווערט פערוואנדעלט אין דאמפּף אין א געגעבענער צייט.

eva'sion *n.* (אי-וויי'-זשאַן) די פערמיידונג, די אויסווייכונג; דאס ארויסמאכען זיך מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'sive *a.* (אי-וויי'-סיוו) אויסווייכענד, זיך ארויסדרעהענד מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'sively *adv.* (אי-וויי'-סיוו-לי) דורך אויסדרעהען זיך מיט חכמות אדער תירוצים.

eva'siveness *n.* (אי-וויי'-סיוו-נעס) דאס קענען זיך אויסדרעהען מיט חכמות אדער תירוצים.

eve *n.* (איוו) אבענד; דער אבענד פאר א יום-טוב אדער פאר א געוויסער געשעהניש; ערב.

evec'tion *n.* (אי-וועק'-שאַן) אין אסטראָנאָמיע — די אונגלייכהייט פון דער קרייזבעוועגונג, וועלכע די לבנה מאכט ארום דער ערד, צוליעב דער צוציהונגס-קראַפט פון דער זון.

e'ven *a., adv. and v.* (איוון) גלייך, גלאט; עהנליך; קלאר, פערשטענדליך; גראד [זוגות]; גראדע, עבען; זאגאר; פערגלייכען; מאכען גלאט; צופּאסען; גלייך אייז זאך צו אן אנדערער.

e'ven al'most (איוון אהל'-מאוסט) כמעט.

e'ven as (איוון עז) גלייך ווי.

e'ven as if (איוון עז איף) גראד ווי ווען...

e'ven as much (איוון עז מאטש) גראד אזוי פיעל; ניט ווייניגער ווי...

e'ven bet (איוון בעט) א גלייכער געוועט [ווען ביידע צדדים לעגען איין צו גלייך סומען].

e'ven chance (איוון טשענס) א גלייכע מעגליכקייט, אז א געוויסע זאך וועט געשעהן אדער וועט ניט געשעהן; א גלייכער שאנס צו געווינען א געוועט אדער ניט.

e'vener *n.* (אי'-ווג-ער) דער אויסגלייכער.

e'ven ground (איוון גראונד) פלאכע ערד; גלייכע שאנסען צו געווינען אדער פערשפּיעלען.

e'ven-han'ded *a.* (אי'-ווג-העג'-דעד) אונפּארטייאיש; וואס בענעהמט זיך מיט אלעמען גלייך.

e'ven-han'dedness *n.* (אי'-ווג-העג'-דעד-נעס) אונפּארטייליכקייט; גלייכע בעציהונג צו אלעמען.

e'ven-hands *n.* (איוון'-העגדז) קוויט.

eve'ning *n. and a.* (איוו'-נינג) אבענד, אבענד-צייט; די צייט פון אונטערגאנג; וואס פּאסירט אין אבענד.

eve'ning dress (איוו'-נינג דרעס) באל-אנצוג, פּאראדנע קליידער.

eve'ning par'ty (איוו'-נינג פּאר'-טי) אן אבענד-געזעלשאפט, א וועטשערינקע.

eve'ning pray'er (איוו'-נינג פּרעהר) אבענד-געבעט, תפלת מעריב.

eve'ning prim'rose (איוו'-נינג פּרימ'-ראוז) די נאכט-קערצע [א הויכע פלאנצע מיט ברייטע געלע בלומען, וואס עפענען זיך פאנאנדער ביי נאכט].

eve'ning star (איוו'-נינג סטאר) דער אבענד-שטערען, ווענוס.

e'ven keel (איוון קיעל) א גלייכע אדער האריזאנטאלע לאגע פון א שיף.

e'ven lay (איוון ליי) א וועט אויף גלייך.

e'venly *adv.* (אי'-ווג-לי) גלייך, גלאט; אונפּארטייאיש.

e'venness *n.* (אי'-ווג-נעס) גלייכהייט, גלאטקייט; גייסטערוהיגקייט, געלאסענקייט; אונפּארטייליכקייט.

e'venness of tem'per (אי'-ווג-נעס אוו טעמ'-פּער) געלאסענקייט, רוהיגקייט.

e'ven now (איוון נאו) אפילו איצט.

Even now, after many years of study, he is not able to speak English correctly.

e'ven num'ber (איוון נאמ'-בער) א גראד-צאהל [ווי 2, 4, 6 א. ז. וו.].

e'ven or odd (איוון אר אד) גראד צי אום [אן אלטע שפּיעל].

e'ven page (איוון פּיידזש) די זייט פון א בלאט אין א בוך, אויף וועלכער עס איז אנגעצייכענט א גראד-נומער [ווי 32, 34, 36 א. ד. ג.].

e'ven-pleached *a.* (אי'-ווג-פּליעטשט) גלאט געפלאכטען.

e'ven-song *n.* (אי'-ווג-סאנג) תפלת מעריב; אן אבענד-ליעד.

event' *n.* (אי-וועגט') א בעגעבענהייט, א פּארפּאל, א פּאסירונג, א געשעהעניש.

e'ven-tem'pered *a.* (אי'-ווג-טעמ'-פּערד) גלייכמוטיג, געלאסען, רוהיג.

event'ful *a.* (אי-וועגט'-פול) פול מיט פּארפּאלען אדער פּאסירונגען.

event'less *a.* (אי-וועגט'-לעס) אהן פּאסירונגען, מאנאטאנע.

eventra'tion *n.* (אי-וועג-טריי'-שאַן) אין מעדיצין — דער צושטאנד פון א פערזעהעניש אדער אונגארמאלע בעשעפעניש, ביי וועלכער די געדערים ענטהאלטען זיך אין א מין זעקעל, וואס הענגט ארויס פון בויך; א ברוך אדער קילע, וואו די געדערים געהען ארויס פון בויך.

even'tual *a.* (אי-וועג'-טשו-על) מעגליך; וואס הענגט אב פון א מעגליכען פּאל; וואס בעקומט זיך פון א מעגליכען פּאל; וואס פּאסירט אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען; סוף כל סוף; ענטשיידענד; ענדליך, שליסליך.

eventual'ity *n.* (אי-וועג-טשו-על'-אי-טי) דאס וואס פּאסירט אונטער דעם דרוק פון אומשטענדען; דאס געפיהל פאר פּאסירונגען און די איינגעשאפּט זיין צו געדענקען.

even'tually *adv.* (אי-וועג'-טשו-על-אי) ענדליך, שליסליך; לויט דעם אויסגאנג; לויט דעם פּארקומענדען פּאל.

even'tuate *v.* (אי-וועג'-טשו-אייט) 1. זיך אויסלאזען מיט... זיך ענדיגען מיט...; 2. פּאסירען, אויספאלען, פּארקומען.

1. The agitation against slavery eventuated in a civil war.

eventua'tion *n.* (אי-וועג-טשו-איי'-שאַן) דאס פּאסירען אונטער דעם דרוק פון די אומשטענדען.

ev'er *adv.* (עוו'-ער) אימער, צו יעדער צייט; אין יעדען פּאל.

ev'er and anon' (עוו'-ער ענד ע-נאן') אפּטמאל; פון צייט צו צייט.

ev'er-dur'ing *a.* (עוו'-ער-דיור'-אינג) אימער-דויערענד, אייביג.

ev'erglade *n.* (עוו'-ער-גלייד) א שטרעקע זומפּיג לאנד וואס איז מעהר אדער ווייניגער בעוואקסען מיט הויכען גראז.

ev'ergreen *a. and n.* (עוו'-ער-גריין) אימער גרין; א פלאנצע וועלכע בלייבט גרין דעם גאנצען יאהר.

The pine is an evergreen tree.

everlas'ting *a. and n.* (עוו-ער-לעס'-טינג) אונאויפהערליך; אונענדליך; אימער-דויערענד; אייביג; וואס ציהט זיך אונענדליך לאנג; אונגעהייער גרויס אדער מעכטיג; די אייביגקייט; דער אייביגער [גאט]; אזא שטארקער וואלען-שטאף; א נאמען פון געוויסע פלאנצען, וואס זייערע בלומען האלטען אן זייער פּארם, קאליר און גלאנץ נאכדעם ווי זיי זיינען פּערטריקענט געווארען.

everlas'ting flow'ers (עוו-ער-לעס'-טינג פלאו'-ערז) בלומען, ביי וועלכע די פּארם און דער קאליר פון די בלעטער בייטען זיך ניט נאכדעם ווי זיי זיינען פּערטריקענט געווארען.

everlas'tingly *adv.* (עוו-ער-לעס'-טינג-לי) פאר אלע צייטען; פאר אימער; פאר אן אונבעשטימטער לאנגער צייט; אהן א גרענעץ; אונגעהייער.

everlas'tingness *n.* (עוו-ער-לעס'-טינג-נעס) אייביגקייט; אונענדליכקייט, אונאויפהערליכקייט.

everlas'ting pea (עוו-ער-לעס'-טינג פּיע) אזא ארבעס-עהנליכע פלאנצע.

everlas'ting tor'ment (עוו-ער-לעס'-טינג טאהר'-מענט) די יסורים פון גיהנום.

ev'er-liv'ing *a.* (עוו'-ער-ליוו'-אינג) אונשטערבליך; וואס לעבט אייביג; וואס עקזיסטירט אימער.

ev'ermore *adv.* (עוו'-ער-מאור) פאר אימער, פאר אלע צייטען; פאר אייביג.

ever'sible *a.* (אי-וואיר'-סיבל) וואס קען איבערגעקעהרט אדער אויסגעקעהרט ווערען.

ever'sion *n.* (אי-וואיר'-שאַן) דאס איבערקעהרען אדער אויסקעהרען.

ev'er so lit'tle (עוו'-ער סאו ליטל) נאך אזוי ווייניג.

evert' *v.* (אי-וואירט') אויסקעהרען, איבערקעהרען.

eve'ry *a.* (עוו'-רי) יעדער, יעדע, יעדעס.

eve'ry bit (עוו'-רי ביט) אין יעדער הינזיכט; אין אלע פונקטען.

eve'rybody *n.* (עוו'-רי-באד-אי) איטליכער; יעדער איינער.

eve'ry-day *a.* (עוו'-רי-דיי) אל-טעגליך, פאר יעדען טאג.

eve'ry-day man (עוו'-רי-דיי מען) א געוועהנליכער מענש, א מענש פון א גאנץ יאהר.

eve'ryhow *adv.* (עוו'-רי-האו) אויף יעדען אופן.

eve'ry jot of it (עוו'-רי דזשאט אוו איט) אינגאנצען, יעדעס פינטעלע.

eve'ry kind of (עוו'-רי קאינד אוו) יעדערליי, יעדער מין.

eve'ry moth'er's child (עוו'-רי מאטה'-ערז טשאילד) יעדער איינער; די גאנצע חברה.

eve'ry moth'er's son (עוו'-רי מאטה'-ערז סאן) יעדער איינער; די גאנצע חברה.

eve'ry now and then (עוו'-רי נאו ענד טהען) אלע וויילע.

eve'ry once in a while (עוו'-רי הוואנס אין ע הוואיל) יעדען אויגענבליק; אלע וויילע.

eve'ry one (עוו'-רי הוואן) יעדער איינער, איטליכער.

eve'ry oth'er (עוו'-רי אטה'-ער) איינער איבער דעם אנדערען [ווי א טאג איבער א טאג].

eve'ry oth'er day (עוו'-רי אטה'-ער דיי) א טאג איבער א טאג.

eve'ry soul (עוו'-רי סאול) יעדער איינער, איטליכער.

eve'rything *n.* (עוו'-רי-טהינג) יעדע זאך, דאס וויכטיגסטע; אלעס; א פולע, א סך.

eve'rywhen *adv.* (עוו'-רי-הוועז) אין אלע צייטען.

eve'rywhere *adv.* (עוו'-רי-הוועהר) איבעראל, אומעדום.

evict' *v.* (אי-וויקט') ארויסווארפען [פון א דירה]; אוועקנעהמען געריכטליך איינעמס בעזיץ; דערוואיטערען אדער ארויסטרייבען מיט גוואלט.

The widow could not pay rent and was evicted by the landlord.

evic'tion *n.* (אי-וויק'-שאן) דאס ארויסווארפען [פון א דירה]; דאס אוועקנעהמען געריכטליך איינעמס בעזיץ; דאס דערוואיטערען אדער פערטרייבען מיט גוואלט.

evic'tor *n.* (אי-וויק'-טאר) איינער וואס ווארפט ארויס אימעצען פון א דירה; איינער וואס נעהמט געריכטליך צו אימעצענס בעזיץ.

ev'idence *n. and v.* (עוו'-אי-דענס) אויגענשיינליכקייט; א בעווייז, א צייגניס; אן עדות; בעווייזען.

ev'idence aliun'de (עוו'-אי-דענס איי-לי-אנ'-די) בעווייזע פון אן אנדער קוואל [ווי למשל, פאקטען בנוגע צו א ירושה, וועלכע ווערען ניט דערמאנט אין דער צוואה].

ev'ident *a.* (עוו'-אי-דענט) אויגענשיינליך, אפענבאר; וואס זעהט זיך קלאר ארויס.

eviden'tial *a.* (עוו-אי-דענ'-שעל) צייגענד, בעווייזענד.

eviden'tially *adv.* (עוו-אי-דענ'-שעל-אי) אויף א בעווייזענדען שטייגער.

ev'identness *n.* (עוו'-אי-דענט-נעס) אויגענשיינליכקייט, קלארקייט.

e'vil *a. and n.* (איוול) שלעכט, בייז, פערדארבען, זינדיג; שלעכטס, בייזקייט; אונגליק; א צרה; א שלאק, א פרעגיות.

e'vil-affec'ted *a.* (אי'וול-ע-פעק'-טעד) מיט בייזע מחשבות; אונפריינדליך.

e'vil an'gel (אי'וול איינ'-דזשעל) א בייזער מלאך.

e'vil-bo'ding *a.* (אי'וול-באו'-דינג) וואס טראגט עפעס בייזעס; וואס זאגט אן אויף שלעכטס.

e'vil-disposed' *a.* (אי'וול-דיס-פאוזד') שלעכט-געזינט; בייזהאפט; גענייגט צו טהאן שלעכטס.

e'vil disposi'tion (איוול דיס-פא-זיש'-אן) א נייגונג צו טהאן שלעכטס.

e'vil-do'er *n.* (אי'וול-דוה'-ער) איינער וואס טהוט שלעכטס; א מחבל; א פערברעכער גענגען מאראל און זיטליכקייט.

e'vil-eye *n.* (אי'וול-אי) א בייז-אויג, אן עין-הרע.

e'vil-eyed *a.* (אי'וול-איד) מיט א שלעכט-אויג; מיט קנאה.

e'vil ge'nius (איוול דזשי'-ני-אס) א בייזער גייסט.

e'villy *adv.* (אי'וול-אי) אויף א שלעכטען אדער בייזען שטייגער.

e'vil-min'ded *a.* (אי'וול-מאינ'-דעד) ז. *evil-disposed*

e'vilness *n.* (אי'וול-נעס) בייזהייט, בייזארטיגקייט; שלעכטס.

e'vil-o'mened *a.* (אי'וול-או'-מענד) וואס צייגט אן אויף שלעכטס; אנווייזענד אויף עטוואס בייזעס.

e'vil-spea'king *n.* (אי'וול-ספיע'-קינג) פערליימדונג, לשון הרע, רכילות.

e'vil-wor'ker *n.* (אי'וול-הוואיר'-קער) ז. *evil-doer*

evince' *v.* (אי-ווינס') אויפצייגען, אויפווייזען; איבערצייגען, בעווייזען.

evince'ment *n.* (אי-ווינס'-מענט) דאס אויפצייגען, דאס בעווייזען.

evin'cingly *adv.* (אי-ווינ'-סינג-לי) דורך אויפווייזונג; אויף אן איבערצייגענדען שטייגער.

evis'cerate *v.* (אי-וויס'-ע-רייט) ארויסנעהמען די געדערים; בערויבען פון די וויכטיגסטע טיילען; אויפדעקען; אויסלעדיגען.

evis'cerated *a.* (אי-וויס'-ע-ריי-טעד) אויסגעלעדיגט, אהן אינהאלט, אונבעדייטענד.

eviscera'tion *n.* (אי-וויס-ע-ריי'-שאן) דאס ארויסנעהמען די אינגעווייד; דאס אויסלעדיגען.

eviter'nal *a.* (עוו-אי-טויר'-נעל) וואס דויערט אונענדליך לאנג; אייביג.

eviter'nally *adv.* (עוו-אי-טויר'-נעל-אי) דורך אייבינקייט; לעולם ועד.

eviter'nity *n.* (עוו-אי-טויר'-ני-טי) אייבינקייט.

evoca'tion *n.* (עוו-א-קיי'-שאן) דאס ארויסרופען רוחות אדער געטער [ווי די אלטע רוימער פלעגען ארויסרופען דורך רעליגיעזע צערעמאניעס די געטער פון א בעלאגערטער שטאדט זיי זאלען צושטעהן צו די בעלאגערער]; דאס איבערטראגען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנדערען.

evoke' *v.* (אי-וואוק') ארויסרופען [גייסטער אדער געטער]; אריבערטראגען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנדערען.

ev'olute *n.* (עוו'-א-ליוט) אן עוואלוטע [א מאטעמאטישע קרומע ליניע וועלכע איז דער קרימונגס-מיטעלפונקט פון אן אנדער קרומער ליניע].

evolu'tion *n.* (עוו-א-ליו'-שאן) עוואלוציאן, ענטוויקלונג; די ענטוויקלונג פון דעם עמבריא אדער פון קיים אין אן ארגאניזם; די ענטוויקלונג פון חיות אדער פלאנצען פון נידריגע מינים צו העכערע; די ענטוויקלונג פון דער וועלט; אין מאטעמאטיק — דאס ווארצעל-אויסציהען פון א קוואדראטישער אדער קובישער צאהל א. ז. וו., צ. ב. 4 איז דער קוואדראטישער ווארצעל פון 16, 3 איז דער קובישער ווארצעל פון 27; א מאנעוורע [ווי פון סאלדאטען, שיפען א. ד. ג.]; א פראדוקט [וואס האט זיך ענטוויקעלט אדער איז אויסגעוואקסען].

evolu'tionary *a.* (עוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו עוואלוציאן; וואס געהערט צו ענטוויקלונג; וואס איז שייך צו א מאנעוורע פון אן ארמעע אדער פלאטע א. ד. ג.

evolu'tionism *n.* (עוו-א-ליו'-שאנ-איזם) די עוואלוציאנס אדער ענטוויקלונגס-לעהרע [וועגען דער ענטוויקלונג פון חיות אדער וועגען דער ענטוויקלונג פון דער וועלט].

evolu'tionist *n. and a.* (עוו-א-ליו'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון דער עוואלוציאנס אדער ענטוויקלונגס-לעהרע: וואס איז געגרינדעט אויף דער עוואלוציאנס-טעאריע.

evolutionis'tic *a.* (עוו-א-ליו-שאנ-איס'-טיק) וואס איז געגרינדעט אויף דער עוואלוציאנס-טעאריע.

ev'olutive *a.* (עוו'-א-ליו-טיוו) ז. *evolutionary*

evol'vable *a.* (אי-וואל'-ועבל) וואס קען זיך ענטוויקלען.

evolve' *v.* (אי-וואלוו') ענטוויקלען, פאנאנדערוויקלען; זיך פאנאנדערוויקלען; זיך ענטוויקלען.

evolve'ment *n.* (אי-וואלוו'-מענט) די ענטוויקלונג.

evol'vent *n.* (אי-וואל'-ווענט) אן עוואלווענטע [א מאטעמאטישע קרומע ליניע, וועלכע ווערט בעשריבען פון דעם ענד פון א גראדער ליניע וואס בעוועגט זיך ארום א קרייז].

evol'ver *n.* (אי-וואל'-ווער) איינער וואס וויקעלט פאנאנדער אדער וויקעלט אב.

evul'sion *n.* (אי-וואל'-שאן) דאס ארויסרייסען, דאס ארויסציהען מיט גוואלט.

ewe *n.* (יו) א שאף, א שעפס [א "זיי" פון שאף].

ewe'-lamb *n.* (יו'-לעם) א לעמעלע, א קליין שעפעלע.

ewe'-neck *n.* (יו'-נעק) א האלז ווי פון א שעפס, דין און געבויגען אויף הינטען [וועגען פערד].

ewe'-necked *a.* (יו'-נעקט) וואס האט א דינעם געבויגענעם האלז.

ew'er *n.* (יו'-ער) א וואסער-קאן; א קרוג.

ew'ery *n.* (יו'-ער-אי) דאס צימער אין א [קעניגליכען] פאלאץ, וואו עס ווערט געהאלטען די טיש-געשיר.

ex *prep.* (עקס) אויסען; געוועזענעס.

He is an ex-Congressman.

exac'erbate *v.* (עג-זעס'-ער-בייט) ערביטערען, מאכען מעהר אויפגערעגט.

exacerba'tion *n.* (עג-זעס-ער-ביי'-שאן) די ערביטערונג, צורייצטקייט; דאס מאכען מעהר אויפגערעגט; די פערשטארקונג פון א קראנקהייט.

exacerbes'cence *n.* (עג-זעס-ער-בעס'-ענס) א פערגרעסערטע אויפרעגונג; די פערשטארקונג פון פיבער [קדחת].

exact' *a. and v.* (עג-זעקט') 1. פינקטליך, ריכטיג, אקוראט; 2. צווינגען צו צאהלען, ארויספרעסען געלד; 3. פאדערען רעכט, צווינגען צו אנערקענען דאס רעכט.
1. I do not know the exact time of my departure. 2. He exacted payment for his services. 3. The allies exacted severe terms from Turkey.

exac'ter *n.* (עג-זעק'-טער) ז. *exactor*

exac'ting *a.* (עג-זעק'-טינג) וואס פאדערט זעהר פיעל; וואס פרעסט ארויס; פינקטליך, אקוראט.

exac'tingness *n.* (עג-זעק'-טינג-נעס) פינקטליכקייט; ריכטיגקייט; דאס ארויספרעסען; דאס פאדערען; דאס צווינגען.

exac'tion *n.* (עג-זעק'-שאן) די פאדערונג; דאס צווינגען צו בעצאהלען; די געלד-ארויספרעסונג; דאס וואס ווערט ארויסגעפרעסט; דאס וואס ווערט בעצאהלט מיט גוואלט; דאס נעהמען כאבאר, שוחד.

exac'titude *n.* (עג-זעק'-טי-טיוד) פינקטליכקייט, גענויאיגקייט.

exact'ly *adv.* (עג-זעקט'-לי) פינקטליך, גענוי.

exact'ness *n.* (עג-זעקט'-נעס) ז. *exactitude*

exac'tor *n.* (עג-זעק'-טאר) איינער וואס צווינגט צו בעצאהלען; א סבארשטשיק; איינער וואס צווינגט צו בעצאהלען מעהר וויפיעל עס קומט; א הויט-שינדער, א בערויבער.

exact' sci'ences (עג-זעקט' סאי'-ענס-ען) די פינקטליכע וויסענשאפטען [די וויסענשאפטען וועלכע האבען צו טהאן מיט מאטעמאטישע קוואנטיטעטען, ווי פיזיק, כעמיע א. ד. ג.].

exag'gerate *v.* (עג-זעדזש'-ע-רייט) איבערטרייבען, פערגרעסערען, מגזם זיין.

exag'gerated *a.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טעד) איבערטריבען, גוזמא'דיג.

exag'geratedly *adv.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טעד-לי) איבערטרייבענדיג, איבערכאפענדיג די מאס, בלשון גוזמא.

exag'geratingly *adv.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טינג-לי) ז. *exaggeratedly*

exaggera'tion *n.* (עג-זעדזש-ע-ריי'-שאן) די איבערטרייבונג, די פערגרעסערונג; דאס אריבערכאפען די מאס.

exag'gerative *a.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טיוו) וואס איבערטרייבט, וואס כאפט אריבער די מאס.

exag'geratively *adv.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טיוו-לי) מיט איבערטרייבונג; בלשון גוזמא.

exag'gerator *n.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טאר) אן איבערטרייבער; א בעל-מגזם.

exag'geratory *a.* (עג-זעדזש'-ע-ריי-טא-רי) איבערטרייבענד, פערגרעסערענד, וואס איז אריבער דער מאס.

exalt' *v.* (עג-זאהלט') אויפהויבען; ערהויבען צו א הויכער מדרגה; לויבען, געבען א שבח.

exalta'do *n.* (עק-סאל-טא'-דאו) אן עקזאלטאדא, א מיטגליעד פון א שפאנישער פאליטישער פארטיי אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, וועלכע איז געוועזן זעהר עקסטרעם אין איהר ראדיקאל-דעמאקראטישער פראגראם.

exalta'tion *n.* (עקס-אהל-טיי'-שאן) די אויפהויבונג, די ערהויבונג; עקזאלטאציאן, הויכע בעגייסטערונג.

exal'ted *a.* (עג-זאהל'-טעד) ערהויבען, הויך; מיט א הויכער בעגייסטערונג.

exal'tedness *n.* (עג-זאהל'-טעד-נעס) ערהאבענהייט, הויכקייט; דאס ווערען דערהויבט.

exal'ter *n.* (עג-זאהל'-טער) דער אדער דאס וואס לויבט אדער ערהויבט.

exam' *n.* (עג-זעם') א: אבקירצונג פון *examination*

exa'men *n.* (עג-זיי'-מען) אן עקזאמען, א פערהער; אן אונטערזוכונג.

examina'tion *n.* (עג-זעם-אי-ניי'-שאן) דאס עקזאמינירען, דאס פערהערען; דאס ווערען עקזאמינירט אדער פערהערט; דאס אונטערזוכען, א נאכפארשונג.

examina'tionism *n.* (עג-זעם-אי-ניי'-שאן-איזם) דאס אורטיילען וועגען איינעמס קענטניסע אדער פעהיגקייטען דורך צופיעל עקזאמינירען אדער שטעלען פראגען.

examina'tion-pa'per *n.* (עג-זעם-אי-ניי'-שאן-פיי'-פער) דאס פאפיער אויף וועלכען עס זיינען אבגעדרוקט די עקזאמינאציאנס-פראגען; א סעריע פון געשריבענע ענטפערען אויף די עקזאמינאציאנס-פראגען.

exam'ine *v.* (עג-זעמ'-אין) עקזאמענירען; אונטערזוכען, פערהערען.

examinee' *n.* (עג-זעם-אי-ניע') איינער וועמען מען עקזאמינירט.

exam'iner *n.* (עג-זעמ'-אי-נער) אן עקזאמינירער; אן אונטערזוכונגס-ריכטער; א פערהערער.

exam'inership *n.* (עג-זעמ'-אי-נער-שיפ) דאס אמט פון אן עקזאמענירער.

exam'ining-commit'tee *n.* (עג-זעמ'-אי-נינג-קאמ-אי'-טי) דער עקזאמינאציאנס-קאמיטעט.

exam'ple *n. and v.* (עג-זעמ'פל) א ביישפיעל; א מוסטער; אן עקזעמפלאר; געבען א ביישפיעל אדער מוסטער.

exan'imate *a.* (עג-זענ'-אי-מייט) לעבענסלאז, טויט; מוטלאז, נידערגעשלאגען.

exanima'tion *n.* (עג-זען-אי-מיי'-שאן) לעבענסלאזיגקייט, פער'חלש'טקייט; מוטלאזיגקייט, נידערגעשלאגענקייט.

ex an'imo (עקס ענ'-אי-מאו) פון גאנצען הארצען.

exan'them *n.* (עג-זענ'-טהעם) אן אויסשלאג אויף דער הויט, א הויט-קראנקהייט [מעהרסטענטייל פערבונדען מיט פיבער אדער ענטצינדונג, ווי ביי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; א קראנקהייט, איינער פון די סימפטאמען פון וועלכער איז אן אויסשלאג אויף דער הויט [ווי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; אן אנוואוקס אויף פלאנצען-בלעטער.

exanthe'ma *n.* (עק-סענ-טהי'-מא) אן אייסשלאג אויף דער הויט [מעהרסטענטייל פערבונדען מיט פיבער אדער ענטצינדונג, ווי ביי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.]; א קראנקהייט, איינער פון די סימפטאמען פון וועלכער איז אן אויסשלאג אויף דער הויט [ווי סקארלאטין, מאזלען א. ד. ג.].

exanthemat'ic *a.* (עג-זען-טהי-מעט'-איק) וואס איז עהנליך אדער וואס איז שייך צו א הויט-אויסשלאג. ז. *exanthema*

exanthem'atous *a.* (עק-סענ-טהעמ'-ע-טאס) וואס איז עהנליך אדער שייך צו א הויט-אויסשלאג. ז. *exanthema*

exanthe'sis *n.* (עק-סענ-טהי'-סיס) א הויט-אויסשלאג. ז. *exanthema*

ex'arch *n.* (עקס'-ארק) אן עקזארך, א וויצע-קעניג פון א פראווינץ אין דער אמאליגער ביזאנטישער אימפעריע, א הויכער קריסטליכער גייסטליכער.

ex'archate *n.* (עקס'-אר-קייט) עקזארכאט, דאס אמט אדער דער ראנג פון אן עקזארך [וויצע-קעניג פון א פראווינץ אין דער אמאליגער ביזאנטישער אימפעריע]; די פראווינץ אונטער דער הערשאפט פון אן עקזארך.

exarteri'tis *n.* (עקס-אר-טע-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער אויסערליכער שיכט פון אן ארטעריע אדער שלאג-אדער.

exarthro'sis *n.* (עקס-אר-טהראו'-סיס) אן אויסלינקונג; דאס ארויסגעהן פון אן אבר פון זיין געלענק.

exartic'ulate *v. and a.* (עקס-אר-טיק'-יו-לייט) ארויסציהען פון געלענק, אויסלינקען, אבשניידען א גליעד ביים געלענק; אין זאאלאגיע — וואס האט ניט קיין געלענקען.

exarticula'tion *n.* (עקס-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) דאס אויסלינקען [פון אן אבר]; דאס אבשניידען א גליעד ביים געלענק; דאס ניט האבען קיין געלענקען.

exas'perate *n. and a.* (עג-זעס'-פע-רייט) דערצארנען, אויפרעגען, אויפרייצען; ערביטערען; פערשטארקערען [צארן אדער אויפגערעגטקייט]; פערשלימערען [א קראנקהייט]; אויפגעבראכט, דערצארענט; אין באטאניק — ניט גלאט, שארסטקע.

exas'perated *a.* (עג-זעס'-פע-ריי-טעד) פערביטערט, אויפגעבראכט, דערצארענט.

exas'perater *n.* (עג-זעס'-פע-ריי-טער) איינער וואס ברייגנט אריין אין כעס אדער רייצט אויף.

exaspera'tion *n.* (עג-זעס-פע-ריי'-שאן) די ערביטערונג; גרויסער צארן; פערשטארקערונג [פון צארן, אויפגעבראכטקייט]; פערערגערונג [פון א קראנקהייט].

excandes'cence *n.* (עקס-קענ-דעס'-ענס) ווייס-גלוט; גלוט, צארן.

excandes'cency *n.* (עקס-קענ-דעס'-ענ-סי) ז. *excandescence*

excandes'cent *a.* (עקס-קענ-דעס'-ענט) ווייס-גליהענד.

excar'nate *v. and a.* (עקס-קאר'-נייט) אראבנעהמען דאס פלייש, ארויסנעהמען אדער אבטיילען פון די פלייש-טיילען; בעפרייט פון פלייש, געמאכט אונקערפערליך.

excarna'tion *n.* (עקס-קאר-ניי'-שאן) דאס אראבנעהמען דאס פלייש; דאס זיין בעפרייט פון פלייש; דאס זיין אונקערפערליך; בעפרייאונג פון קערפער.

excar'nificate *v.* (עקס-קאר'-ני-פי-קייט) אראבנעהמען דאס פלייש.

excarnifica'tion *n.* (עקס-קאר-ני-פי-קיי'-שאן) דאס אראבנעהמען דאס פלייש.

ex cath'edra (עקס קעטה'-אי-דרא) מיט אויטאריטעט, בעפעהלעריש, וואס געהט אפיציעל ארויס פון פאפסט אדער בישאף.

excau'date *a.* (עקס-קאה'-דייט) וואס האבען ניט קיין עק [וועגען חיות].

ex'cavate *v. and a.* (עקס'-קע-ווייט) אויסגראבען, ארויסגראבען, ארויסנעהמען פון אינוועניג, אויסהוילען; אין זאאלאגיע — אויסגעהוילט, איינגעקארבט.

ex'cavated *a.* (עקס'-קע-וויי-טעד) אויסגעגראבען, אויסגעהוילט; אין זאאלאגיע — איינגעקארבט.

excava'tion *n.* (עקס-קע-וויי'-שאן) אויסהוילונג, אויסגראבונג.

ex'cavator *n.* (עקס'-קע-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס גראבט אויס אדער הוילט אויס; אן אויסגראבונגס־מאשין; אן אינסטרומענט מיט וועלכען א דענטיסט רייניגט אויס די פוילע טיילען פון דעם צאהן איידער ער פלאמבירט איהם.



Excavator

exceed' *v.* (עק-סיעד') איבערטרעטען, געהן צו ווייט; איבערשטייגען, איבערטרעפען.

Goods are cheap when the supply exceeds the demand.

excee'der *n.* (עק-סיע'-דער) איינער וואס טרעט איבער, געהט צו ווייט אדער שטייגט איבער.

excee'ding *a.* (עק-סיע'-דינג) אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך; איבערטרעפענד; מערקווירדיג.

excee'dingly *adv.* (עק-סיע'-דינג-לי) אין א זעהר גרויסער מאס; זעהר פיעל; אויסערגעוועהנליך, אונגעהייער.

excel' *v.* (עק-סעל') איבערטרעפען, איבערשטייגען, זיך אויסצייכענען.

The Cossacks excel in horsemanship.

ex'cellence *n.* (עק'-סע-לענס) פארציגליכקייט, איבערטרעפליכקייט, אויסגעצייכענטקייט; דאס געפינען זיך אין א העכערען צושטאנד איידער אנדערע.

ex'cellency *n.* (עק'-סע-לענ-סי) עקסעלענץ [א הויכער עהרען־טיטעל].

ex'cellent *a.* (עק'-סע-לענט) פארטרעפליך, אויסגעצייכענט.

ex'cellently *adv.* (עק'-סע-לענט-לי) אויף א פארטרעפליכען אופן.

excel'ling *a.* (עק-סעל'-אינג) אויסגעצייכענט.

excel'sior *a.* and *n.* (עק-סעל'-סי-אהר) העכער, אימער שטייגענדיג; א געוויסער זארט דינע האלץ־שפענער מיט וועלכע מען פאלסטערט שטוהלען און דיוואנעס.

excen'tric *a.* (עק-סענ'-טריק) ז. *eccentric*

excen'trically *adv.* (עק-סענ'-טרי-קעל-אי) ז. *eccentrically*

excentric'ity *n.* (עק-סענ-טריס'-אי-טי) ז. *eccentricity*

except' *v.*, *prep.* and *c.* (עק-סעפט') 1. אויסנעהמען, אויסשליסען; איינווענדען; 2. אויסגענומען, אויסער; סיידען, א חוץ.

1. The United States excepts none in its guarantees for liberty. 2. Except for the accident, we should have arrived in time.

excep'ting *prep.* and *c.* (עק-סעפ'-טינג) אויסגענומען, אויסער; סיידען.

excep'tion *n.* (עק-סעפ'-שאן) אן אויסנאהמע, אן אויסשליסונג; א טאדעל, א פארוואורף, אן ערווידערונג; דאס ניט אנערקענען; אין געריכטס־פראצעסען — אן עקסעפציא, אן ערקלערונג פון איינעם פון די שטרייטענדע צדדים, אז דורך געוויסע טעמים איז דער פראצעס אונגעזעצליך, אדער א פאדערונג פון איינעם אדער פון ביידע צדדים מען זאל אויסשליסען א ריכטער, אן עדות א. ד. ג.

excep'tionable *a.* (עק-סעפ'-שאנ-עבל) געגען וואס מען קען ערווידערען אדער איינווענדען; וואס מען קען אויסשליסען.

excep'tionableness *n.* (עק-סעפ'-שאנ-עבל-נעס) דאס קענען זיין אויסגעשלאסען; דאס קענען ארויסרופען א טאדעל אדער פארוואורף.

excep'tionably *adv.* (עק-סעפ'-שאנ-ע-בלי) אויף אזא שטייגער, דאס מען קען טאדלען אדער מאכען א פארוואורף.

excep'tional *a.* (עק-סעפ'-שאנ-על) אויסשליסליך; וואס מאכט אן אויסנאהמע.

exceptional'ity *n.* (עק-סעפ-שא-נעל'-אי-טי) אויסשליסליכקייט.

excep'tionally *adv.* (עק-סעפ'-שאנ-על-אי) אויף אן אויסשליסליכען אדער אונגעוועהנליכען שטייגער.

excep'tionalness *n.* (עק-סעפ'-שאנ-על-נעס) אויסשליסליכקייט; אן אונגעוועהנליכער כאראקטער אדער איינענשאפט.

excep'tive *a.* (עק-סעפ'-טיוו) וואס מאכט אן אויסנאהמע; אויסשליסליך; וואס רופט ארויס טאדעל אדער פארוואורף.

except'less *a.* (עק-סעפט'-לעס) אהן אויסנאהמע; וואס מאכט ניט קיין אויסנאהמע.

excep'tor *n.* (עק-סעפ'-טאר) אן איינווענדער, אן ענטגעגנער.

excerpt' *v.* and *n.* (עק-סוירפט') אויסוועהלען, זאמלען; אן אויסוואהל, א זאמלונג; אן אויסצוג פון א ווערק.

excerp'tive *a.* (עק-סוירפ'-טיוו) וואס קלייבט אויס; וועהלענד.

excerp'tor *n.* (עק-סוירפ'-טאר) אן אויסוועהלער, א זאמלער.

excess' *n.* (עק-סעס') אן איבער־מאס, איבערפליסיגקייט; איבעריגקייט, עפעס וואס בלייבט איבער.

exces'sive *a.* (עק-סעס'-איוו) איבערמעסיג.

exces'sively *adv.* (עק-סעס'-איוו-לי) איבער דער מאס.

exces'siveness *n.* (עק-סעס'-איוו-נעס) איבער־מעסיגקייט.

exchange' *v.* and *n.* (עקס-טשיינדזש') טוישען, אויסבייטען; א טויש, א בייט; דאס בייטען; דער געלד־פרייז, דער קורס, דער וועקסעל־פרייז; א בערזע.

exchangeabil'ity *n.* (עקס-טשיינ-דזשע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו ווערען אויסגעביטען.

exchan'geable *a.* (עקס-טשיינ'-דזשעבל) וואס קען אויסגעטוישט אדער אויסגעביטען ווערען.

exchange' blows (עקס-טשיינדזש' בלאוז) שלאגען זיך.

exchange'-bro'ker *n.* (עקס-טשיינדזש'-בראו'-קער) א מעקלער אויף דער בערזע; איינער וואס קויפט אויף און פערקויפט ווערטה־פאפיערען; א חלפן; איינער וואס בייט אויס גרויס אדער ווייניג גאנגבאר געלד.

exchange' in read'y mon'ey (עקס-טשיינדזש' אין רעד'-אי מאנ'-אי) האנדלען אויף מזומן.

exchange' kiss'es (עקס-טשיינדזש' קיס'-עז) קושען זיך.

exchange' let'ters (עקס-טשיינדזש' לעט'-ערז) קארעספאנדירען, דורכשרייבען זיך מיט בריעף.

exchange'-of'fice *n.* (עקס'-טשיינדזש-אפ'-איס) א באנק אדער קאנטאר פון א חלפן.

exchan'ger *n.* (עקס-טשיינ'-דזשער) א וועקסלער, א חלפן.

exchange' shots (עקס-טשיינדזש' שאטס) שיסען איינער געגען דעם אנדערען.

exchequ'er *n.* (עקס-טשעק'-ער) די שאץ־קאמער, די קאזנאטשייסטווא; דאס פינאנץ־מיניסטעריום אין ענגלאנד.

exchequ'er bill (עקס-טשעק'-ער ביל) א קרעדיט־בילעט פון דער ענגלישער קאזנאטשייסטווא, וועלכע צאהלט דארויף א געוויסען פראצענט.

exchequ'er loan (עקס-טשעק'-ער לאון) א רעגיערונגס־הלואה.

exci'sable *a.* (עק-סאי'-זעבל) פאר וואס מען מוז צאהלען אקציז.

excise' *n.* and *v.* (עק-סאיז') אקציז; די אקציז־פערוואלטונג; ארויפלעגען שטייער, בעשטייערען; אבשניידען.

excise'man *n.* (עק-סאיז'-מען) אן אקציז־איינעהמער, אן אקציזניק.

excise'-of'fice *n.* (עק-סאיז'-אפ'-איס) אן אקציז קאנטאר; דאס אמט פון אן אקציזניק.

excise'-of'ficer *n.* (עק-סאיז'-אפ'-איס-ער) אן אקציזניק.

exci'sion *n.* (עק-סיזש'-אן) אויסשניידונג, פערשניידונג; דאס אבהאקען די פערבינדונגען.

excitabil'ity *n.* (עק-סאי-טע-ביל'-אי-טי) דאס אויפגערעגט ווערען; נערוועזיטעט, דאס זיין נערוועז.

exci'table *a.* (עק-סאי'-טעבל) וואס ווערט אויפגערעגט.

exci'tableness *n.* (עק-סאי'-טעבל-נעס) ז. *excitability*

excita'tion *n.* (עק-סי-טיי'-שאן) אויפרעגונג.

exci'tative *a.* (עק-סאי'-טע-טיוו) אויפרעגענד; וואס קען זיך אויפרעגען.

exci'tatory *a.* (עק-סאי'-טע-טא-רי) ז. *excitative*

excite' *v.* (עק-סאיט') אויפרעגען; ערוועקען; רייצען.

exci'tedly *adv.* (עק-סאי'-טעד-לי) אויף אן אויפגערעגטען אדער גערייצטען אופן; אויף אן ערוועקענדען אופן.

excite'ment *n.* (עק-סאיט'-מענט) אויפרעגונג, אויפרייצונג, ערוועקונג; אויפגערייצטקייט; דאס זיין אויפגערעגט; עטוואס וואס רעגט אויף אדער רייצט אויף.

exci'ter *n.* (עק-סאי'-טער) אן אויפרעגער; אן אויפרייצער; א מעדיציניש מיטעל וואס רעגט אויף.

exci'ting *a.* (עק-סאי'-טינג) אויפרעגענד, רייצענד, ערוועקענד.

exci'tingly *adv.* (עק-סאי'-טינג-לי) אויפרעגענדיג, אויפרייצענדיג, ערוועקענדיג.

exci'tomotor *a.* (עק-סאי'-טא-מאו-טאר) וואס פעראורזאכט אונווילקירליכע אדער אונבעוואוסטזיניגע מוסקעל־בעוועגונגען.

exci'tomotory *a.* (עק-סאי'-טא-מאו-טא-רי) ז. *excitomotor*

exclaim' *v.* (עקס-קליים') אויסרופען, אויסשרייען.

exclai'mer *n.* (עקס-קליי'-מער) א

שרייער, איינער וואס רעדט מיט היץ און אויף א הויכען קול.

exclama'tion *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאַן) אַן אויסרוף, אַן אויסגעשריי; דאס אויס-רופען אדער אויסשרייען.

exclama'tion-mark *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאַן-מארק) אַן אויסרופונגס-ציי-כען [!].

exclama'tion-point *n.* (עקס-קליי-מיי'-שאַן-פאינט) ז. *exclamation-mark*

exclam'ative *a.* (עקס-קלעמ'-ע-טיוו) וואס ענטהאלט אַן אויסגעשריי אדער אַן אויסרוף; אויסשרייענד, אויסרופענד.

exclam'atively *adv.* (עקס-קלעמ'-ע-טיוו-לי) אויף אַן אויסשרייענדען אדער אויסרופענדען אופן.

exclam'atorily *adv.* (עקס-קלעמ'-ע-טא-רי-לי) ז. *exclamatively*

exclam'atory *a.* (עקס-קלעמ'-ע-טא-רי) אויסרופענד, אויסשרייענד; וואס געהערט צו אַן אויסרוף; וואס ענטהאלט אַן אויס-רוף.

ex'clave *n.* (עקס'-קלעוו) א טייל פון א לאנד אדער פון א פראווינץ וועלכע איז אבגעטיילט פאר זיך.

exclude' *v.* (עקס-קלוד') אויסנעהמען, אויסשליסען.

exclu'der *n.* (עקס-קלו'-דער) איינער אדער עטוואס וואס שליסט אויס.

exclu'sion *n.* (עקס-קלו'-זשאַן) אַן אויס-נאהמע, די אויסשליסונג; אין לאגיק — די בעציהונג פון צוויי בעגריפען וועלכע שליסען איינער דעם אנדערען אויס.

exclu'sionary *a.* (עקס-קלו'-זשאַן-איי-רי) אויסשליסענד, וואס קען אויסשליסען.

Exclu'sion Bill (עקס-קלו'-זשאַן ביל) דער געזעץ-פארשלאג אין ענגלאנד פון יאהר 1679 אויסצושליסען דעם דוכס פון יארק [יאקאב דעם צווייטען] פון דעם רעכט אויף דעם ענגלישען טהראן דער-פאר ווייל ער איז געווען א קאטויליק.

exclu'sioner *n.* (עקס-קלו'-זשאַן-ער) ז. *exclusionist*

exclu'sionism *n.* (עקס-קלו'-זשאַן-איזם) דאס זיין פאר אויסשליסונג אדער אויסנאהמען.

exclu'sionist *n.* (עקס-קלו'-זשאַן-איסט) איינער וואס איז אדער שטימט פאר אויסשליסונג פון געוויסע רעכטען; איינער פון דער פארטיי אין ענגלאנד אין די צייטען פון קארל דעם צווייטען, וועלכע איז געווען דאפיר, אַז מען זאל קארל'ס קא-טוילישע יורשים אויסשליסען פון טהראן-רעכט.

exclu'sive *a.* and *n.* (עקס-קלו'-סיוו) אויסנעהמענד; אויסשליסענד; אויסשלים-ליך; עטוואס וואס שליסט אויס; איינער וואס בעגרענעצט זיין בעקאנטשאפט מיט איינציגע אויסגעוועהלטע.

exclu'sively *adv.* (עקס-קלו'-סיוו-לי) אויסשליסליך, הויפטזעכליך; דורכאויס; מיט דער אויסשליסונג פון אלע אנדערע; מיט דער אויסנאהמע פון געוויסע טיילען.
He sells diamonds exclusively.

exclu'siveness *n.* (עקס-קלו'-סיוו-נעס) אויסשליסליכקייט; אויסגעשלאסענהייט.

exclu'sivism *n.* (עקס-קלו'-סיוו-איזם) ז. *exclusiveness*

exclu'sivist *n.* (עקס-קלו'-סיוו-איסט) איינער וואס איז פאר אויסשליסונג.

exclu'sory *a.* (עקס-קלו'-סא-רי) אויס-שליסענד, וואס שליסט אויס.

excoct' *v.* (עקס-קאקט') אויסקאכען, אויסזידען.

excog'itate *v.* (עקס-קאדזש'-אי-טייט) אויסטראכטען, ערפינדען.

excogita'tion *n.* (עקס-קאדזש-אי-טיי'-שאַן) אויסטראכטונג, ערפינדונג.

ex com'modo (עקס קאמ'-א-דאו) אין פרייער צייט; ניט איילענדיג זיך; גע-מיטליך.

excommu'nicable *a.* (עקס-קא-מיו'-ני-קעבל) וואס איז אונטערווארפען אונ-טער א פלוך אדער חרם פון קירך.

excommu'nicant *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קענט) איינער וואס איז געלעגט געווארען אין חרם פון דער קירך.

excommu'nicate *v., a.* and *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קייט) אויסשליסען פון קירך; ארייינלעגען אין חרם; אויסשליסען פון א פעראיין; אויסגעשלאסען פון דער קירך; איינער וואס איז אויסגעשלאסען פון קירך.

excommunica'tion *n.* (עקס-קא-מיו-ני-קיי'-שאַן) די אויסשליסונג פון קירך; א חרם.

excommu'nicator *n.* (עקס-קא-מיו'-ני-קיי-טאר) דער וואס לעגט אריין אי-מעצען אין חרם אדער שליסט איהם אויס פון קירך.

excommu'nicatory *a.* (עקס-קא-מיו'-ני-קיי-טא-רי) וואס איז שייך צו אדער פעראורזאכט די אויסשליסונג פון קירך.

ex conces'so (עקס קאנ-סעס'-או) לויט ווי עס איז צוגעגעבען געווארען.

exco'riable *a.* (עקס-קאו'-רי-עבל) וואס קען אבגעשיילט אדער אבגעשונדען ווע-רען.

exco'riate *v.* (עקס-קאו'-רי-אייט) 1. אב-שינדען אדער אבשיילען די הויט; 2. ריי-בען א זייט, רייבען א מארדע [שטארק קריטיקירען].

2. The candidate issued an address excoriating his opponents.

excoria'tion *n.* (עקס-קאו-רי-איי'-שאַן) דאס אבשינדען; דאס אבשיילען; דאס שינדען די הויט [שטארק קריטיקירען]; א צושפאלטענע הויט.

excor'ticate *v* (עקס-קאהר'-טי-קייט) אבשיילען די קארע פון א בוים.

excortica'tion *n.* (עקס-קאהר-טי-קיי'-שאַן) די אבשיילונג פון דער קארע פון א בוים.

ex'crement *n.* (עקס'-קרי-מענט) עקס-קרעמענטען, דרעק, טנוף, צאה.

excremen'tal *a.* (עקס-קרי-מענ'-טעל) וואס איז שייך אדער איז ענהליך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*

excremen'tary *a.* (עקס-קרי-מענ'-טע-רי) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען. ז. *excrement*

excrementi'tial *a.* (עקס-קרי-מענ-טיש'-על) וואס איז שייך צו עקסקרעמענ-טען. ז. *excrement*

excrementi'tious *a.* (עקס-קרי-מענ-טיש'-אס) וואס געהערט צו אדער וואס בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאה].

excres'cence *n.* (עקס-קרעס'-ענס) אַן אויסוואוקס, אַן אנוואוקס; אַן איבערמאס, איבעריגקייט.

excres'cency *n.* (עקס-קרעס'-ענ-סי) ז. *excrescence*

excres'cent *a.* (עקס-קרעס'-ענט) אויס-וואקסענד אלס א צוואוקס.

excrescen'tial *a.* (עקס-קרע-סענ'-שעל) וואס איז שייך אדער איז ענהליך צו א צוואוקס.

excre'ta *n.* (עקס-קרי'-טא) עקסקרע-מענטען, אבפאל פון קערפער, ווי שווייס און אורין.

excre'tal *a.* (עקס-קרי'-טעל) וואס איז שייך אדער איז ענהליך צו עקסקרעמענ-טען, ווי שווייס און אורין.

excrete' *v.* (עקס-קריט') אבריינינגען, אבפיהרען, אויסלעדיגען.

ex'crete *n.* (עקס'-קריט) ז. *excretion*

excre'tion *n.* (עקס-קרי'-שאַן) די אב-פיהרונג אדער אבריינינגונג; דער אבפאל אדער אויסוואורף.

excre'tive *a.* (עקס-קרי'-טיוו) אבריינ-נענד, אבלעגענדיג, אבפיהרענד [ווי אַן אבפיהרונגס-מיטעל]

ex'cretory *a.* and *n.* (עקס'-קרי-טא-רי) אבלעגענד, אבפיהרענד; דער אבפיה-רונגס-ארגאַן.

excru'ciable *a.* (עקס-קרוה'-שי-עבל) וועלכען מען קען פייניגען.

excru'ciate *v.* (עקס-קרוה'-שי-אייט) מאטערען, פייניגען.

excru'ciating *a.* (עקס-קרוה'-שי-איי-טינג) פייניגענד, שמערצפאל, פול יסורים; מיט אַן עקסטרעמער אנגעצווינגענהיים; עקסטרעם.

excru'ciatingly *adv.* (עקס-קרוה'-שי-איי-טינג-לי) דורך שטארקע יסורים אדער פיין; דורך צופיעל אנגעצווינגענהייט; דורך עקסטרעמיטעט.

excrucia'tion *n.* (עקס-קרוה-שי-איי'-שאַן) מאטערניס, קוואל, פיין, יסורים.

excul'pable *a.* (עקס-קאל'-פעבל) וואס קען רעכטפערטיגט אדער ענטשולדיגט ווערען.

excul'pate *v.* (עקס-קאל'-פייט) ענטשול-דיגען, רעכטפערטיגען; דיענען אלס רעכט-פערטיגונג אדער ענטשולדיגונג.

exculpa'tion *n.* (עקס-קאל-פיי'-שאַן) ענטשולדיגונג, רעכטפערטיגונג.

excul'patory *a.* (עקס-קאל'-פע-טא-רי) ענטשולדיגענד, רעכטפערטיגענד.

excur'rent *a.* (עקס-קאר'-ענט) וואס לויפט ארויס; וואס שטארצט ארויס; וואס שלאגט זיך דורך.

excur'sion *n.* (עקס-קויר'-שאַן) אַן עקס-קורסיא, אַן אויספאהר, א שפאציער-פאהר, א לוסט-רייזע; א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס אויף א לוסט-רייזע; אַן אבווייכונג, אַן ענטפערנונג; א וואנדערונג.

excur'sional *a.* (עקס-קויר'-שאַנ-על) וואס איז שייך צו א שפאציער-פאהר אדער לוסט-רייזע; וואס איז שייך צו א וואנ-דערונג אדער דערוויטערונג.

excur'sionist *n.* (עקס-קויר'-שאַן-איסט) איינער פון א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס אויף א לוסט-רייזע.

excur'sion-train *n.* (עקס-קויר'-שאַן-טריין) א ספעציעלער צוג וואס ווערט בעשטימט פאר א לוסט-רייזע פון איין ארט צום צווייטען.

excur'sive *a.* (עקס-קויר'-סיוו) וואנ-דערענד; אבווייכענד; אונבעשטענדיג.

excur'sively *adv.* (עקס-קויר'-סיוו-לי) אויף א וואנדערענדען אדער אונבעשטענ-דיגען שטייגער.

excur'siveness *n.* (עקס-קויר'-סיוו-נעס) אומוואנדערונג, אבווייכונג, אונבע-שטענדיגקייט.

excur'sus *n.* (עקס-קויר'-סאס) דער עקסקורס, א פירוש אדער קאמענטאר וואס איז אריינגעשטעלט אין מיטען טעקסט פון א בוך צו ערקלערען געוויסע שטעלען פון דארטען; א דערוויטערונג פון פונקט, אַן אבטרעטונג פון ענין.

excu'sable *a.* (עקס-קיו'-זעבל) פערצייהליך, וואס קען פערגעבען ווערען; וואס קען ענטשולדיגט ווערען.

excu'sableness *n.* (עקס-קיו'-זעבל-נעס) פערצייהליכקייט, פערגעבליכקייט, מחילה.

excu'sably *adv.* (עקס-קיו'-זע-בלי) אויף א פערצייהענדען שטייגער; אזוי, דאס מען קען מוחל זיין.

excu'satory *a.* (עקס-קיו'-זע-טא-רי) ענטשולדיגענד, רעכטפערטיגענד; וואס ענטהאלט אן ענטשולדיגונג.

excuse' *v.* (עקס-קיוז') ענטשולדיגען, מוחל זיין, שענקען, רעכטפערטיגען; בעפרייען פון א התחיבות.

excuse' *n.* (עקס-קיוס) ענטשולדיגונג, פערענטפערונג; רעכטפערטיגונג.

excuse'less *a.* (עקס-קיוס'-לעס) אונפערצייהליך, אהן ענטשולדיגונג.

excu'ser *n.* (עקס-קיו'-זער) אן ענטשולדיגער.

excuss' *v.* (עקס-קאס') געזעצליך פערכאפען און פערהאלטען עפעס.

ex div. ***ex dividendo*** אבקירצונג פון אהן דיווידענד [ווענען געוויסע ווערטהפאפירען וואס ווערען געקויפט און פערקויפט אהן די דיווידענדען, וואס עס קומט אויף זיי].

ex'eat *n.* (עקס'-אי-עט) דער אורלויב אדער קאניקולעס אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען; דער אורלויב וואס א גלח בעקומט אויף א בעשטימטער צייט פון בישאף.

ex'ecrable *a.* (עק'-סי-קרעבל) אבשייליך; פאסקודנע.

ex'ecrably *adv.* (עק'-סי-קרעב-לי) אויף אן אבשייליכען אדער פערעכטליכען שטייגער.

ex'ecrate *v.* (עק'-סי-קרייט) פערשאלטען; פיהלען אן עקעל אדער אבשייליכקייט צו עפעס.

execra'tion *n.* (עק-סי-קריי'-שאן) דאס שילטען, דאס פערפלוכען; א פערפלוכטע זאך.

ex'ecrative *a.* (עק'-סי-קריי-טיוו) שילטענד, פלוכענד.

ex'ecratively *adv.* (עק'-סי-קריי-טיוו-לי) אויף א שילטענדען אדער פלוכענדען שטייגער.

ex'ecratory *n.* and *a.* (עק'-סי-קריי-טא-רי) דער נוסח פון א פערפלוכונג; פערפלוכענד, פעראבשייענד.

ex'ecutable *a.* (עק'-סי-קיו-טעבל) אויספיהרבאר, וואס קען אויסגעפיהרט ווערען.

exec'utant *n.* (עג-זעק'-יו-טענט) דער וואס פיהרט אויס א געוויסע ארבייט; א מוזיק-שפיעלער אדער זינגער.

ex'ecute *v.* (עק'-סי-קיוט) אויספיהרען, פערוואלטען; טהאן; הינריכטען, טויטען; שפיעלען מוזיק אדער זינגען.

ex'ecuter *n.* (עק'-סי-קיו-טער) איינער וואס פיהרט דורך א זאך.

execu'tion *n.* (עק-סי-קיו'-שאן) 1. די פערפערטיגונג, די אויספיהרונג, די פערריכטונג; די ווירקונג; 2. די הינריכטונג, דאס טויטען.

1. The execution of the plans was left to the manager. 2. The execution of the murderer will take place next week.

execu'tioner *n.* (עק-סי-קיו'-שאנ-ער) א שארפריכטער, א הענקער, א תליון.

exec'utive *a.* and *n.* (עג-זעק'-יו-טיוו) אויספיהרענד, ערפילענד; די בעאמטע וועלכע פיהרען אויס אדער ערפילען די געזעצע.

exec'utively *adv.* (עג-זעק'-יו-טיוו-לי) דורך אן אויספיהרענדער קראפט.

exec'utor *n.* (עג-זעק'-יו-טאר) איינער וואס טהוט אויף אדער פיהרט דורך אן אונטערנעהמונג; אן אפטרופוס, א פערזאן וואס ווערט ערנאנט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צוואה.

executo'rial *a.* (עג-זעק-יו-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אפטרופוס אדער דעם מענשען וואס איז בעשטימט אויסצופיהרען די צוואה פון א געשטארבענעם.

exec'utorship *n.* (עג-זעק'-יו-טאר-שיפ) דאס אמט פון אן אפטרופוס אדער א פערזאן וואס ווערט געוועהלט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צוואה.

exec'utory *a.* (עג-זעק'-יו-טא-רי) וואס דארף ערפילט אדער אויסגעפיהרט ווערען; וואס ערפילט.

exec'utress *n.* (עג זעק'-יו-טרעס) ז. ***executrix***

exec'utrix *n.* (עג-זעק'-יו-טריקס) א פרויענצימער וואס ווערט ערנאנט צו ערפילען איינעמס פערלאנג אין א צוואה.

exe'dra *n.* (עק-סי'-דרא) אין דער אלטער גריכיש-רוימישער ארכיטעקטור — די עקסעדרא, א מין פלאטפארמע אויף דער פרייער לופט מיט איינע אדער עטליכע טרעפ, אויף וועלכע עס שטעהען שטוהלען און בענקלעך צום אברוהען און אונטערהאלטען זיך.

exege'sis *n.* (עק-סי-דזשי'-סיס) אן ערקלערונג, א ביאור אדער קריטישעס שטודיום פון א ליטעראַרישען ווערק, איבערהויפט פון תנ"ך.

exege'sist *n.* (עק-סי-דזשי'-סיסט) ז. ***exegetist***

ex'egete *n.* (עק'-סי-דזשיט) אן ערקלערער פון ליטעראַרישע ווערק, איבערהויפט פון דער ביבעל.

exeget'ic *a.* and *n.* (עק-סי-דזשעט'-איק) ערקלערענד; אן ערקלערונג אדער קריטישעס שטודיום פון דער ביבעל; עקזעגעטיק, ביבעל-שטודיום.

exeget'ical *a.* (עק-סי-דזשעט'-אי-קעל) ערקלערענד, וואס מאכט א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטעראַרישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ically *adv.* (עק-סי-דזשעט'-אי-קעל-אי) ערקלערענדיג, מאכענדיג א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטעראַרישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ics *n.* (עק-סי-דזשעט'-איקס) עקזעגעטיק, ביבעל-פארשונג, ביבעל-שטודיום.

exege'tist *n.* (עק-סי-דזשי'-טיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט ביבעל-פארשונג אדער ביבעל-שטודיום.

exem'plar *n.* and *a.* (עג-זעמ'-פלער) א ביישפיעל, א מוסטער; אן אריגינאל; אן עקזעמפלאר [איינער פון א מין אדער פון אן אויסגאבע, ווי איין בוך א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו א מוסטער אדער ביישפיעל.

ex'emplarily *adv.* (עג'-זעמ-פליי-רי-לי) אויף א מוסטערהאפטען אופן; אויף אן אופן וואס קען דיענען פאר א ביישפיעל.

ex'emplariness *n.* (עג'-זעמ-פליי-רי-נעס) מוסטערהאפטיגקייט, עטוואס וואס קען דיענען אלס מוסטער אדער ביישפיעל.

exemplar'ity *n.* (עג-זעמ-פלער'-אי-טי) ז. ***examplariness***

ex'emplary *a.* (עג'-זעמ-פלע-רי) מוסטערהאפט; וואס איז ווערטה נאכצומהאן.

exem'plifiable *a.* (עג-זעמ'-פלי-פאי-עבל) וואס קען ערקלערט ווערען דורך ביישפיעלען.

exemplifica'tion *n.* (עג-זעמ-פלי-פי-קיי'-שאן) די ערקלערונג דורך ביישפיעלען; עטוואס וואס דיענט אלס ביישפיעל אדער אילוסטראציאן; אן אבשריפט פון א דאקומענט וואס איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plified cop'y (עג-זעמ'-פלי-פאיד קאפ'-אי) א קאפיע פון א דאקומענט, וועלכע איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plifier *n.* (עג-זעמ'-פלי-פאי-ער) איינער וואס ערקלערט דורך א ביישפיעל.

exem'plify *v.* (עג-זעמ'-פלי-פאי) ערקלערען דורך ביישפיעלען; איבערשרייבען, קאפירען מיט דער בעשטעטיגונג פון א זיעגעל; איבערצייגען מיט א בעשטעטיגטער קאפיע.

exem'pli gra'tia (עג-זעמ'-פלאי גריי'-שי-א) צום ביישפיעל; דורך א ביישפיעל; אלס א ביישפיעל.

exempt' *v., a.* and *n.* (עג-זעמפט') בעפרייען; ענטלאסען; אויסנעהמען; בעפריים; פטור; איינער וואס איז בעפרייט פון א פפליכט.

exemp'tible *a.* (עג-זעמפ'-טיבל) וואס קען בעפרייט ווערען [פון א פפליכט].

exemp'tion *n.* (עג-זעמפ'-שאן) די בעפרייאונג [פון א פפליכט]; פרייהייט.

exentera'tion *n.* (עקס-ען-טע-ריי'-שאן) דאס ארויסנעהמען דעם איינגעווייד; דאס אויסקעהרען פון אינעווייניג צום דרויסען; דאס אויפדעקען א סוד פון עפעס.

exequa'tur *n.* (עק-סי-קוויי'-טער) אן אפיציעלע בעשטעטיגונג פון א דאקומענט אדער פון וועלכען עס איז רעכט; א שריפטליך צייגניס פון א קאנסול.

exe'quial *a.* (עק-סי'-קווי-על) וואס איז שייך צו א טויטען-בעגרעבניס.

ex'ercisable *a.* (עק'-סער-סאי-זעבל) וואס קען איינגעאיבט אדער איינגעלערענט ווערען; וואס קען בענוצט ווערען.

ex'ercise *n.* and *v.* (עק'-סער-סאיז) איבונג, איינלערנונג; דאס געוועהנען זיך אין עפעס; קערפערליכע איבונג אדער בעוועגונג; אן אויפגאבע, א לעקציאן [עפעס צום איינלערנען]; דאס דאווענען, גאטעס-דיענסט; מושטירונג פון סאלדאטען; דאס בעשעפטיגען זיך; דאס ערפילען אדער פערוואלטען אן אמט; איבען, איינלערנען, איינ'חזר'ען; מושטירען סאלדאטען; בעשעפטיגען; פערוואלטען אן אמט; אנווענדען, געברויכען; מאכען קערפערליכע איבונגען.

ex'erciser *n.* (עק'-סער-סאי-זער) איינער וואס איבט אדער לערענט איין.

ex'ercisible *a.* (עק'-סער-סאי-זיבל) ז. ***exercisable***

ex'ercising ground (עק'-סער-סאי-זינג גראונד) א מושטיר-פלאץ פאר סאלדאטען.

exercita'tion *n.* (עג-זויר-סי-טיי'-שאן) דאס איבען, איבונג. ז. ***exercise***

exergue' *n.* (עג-זויר'ג) דאס לעדיגע שטיקעל פלאץ וואס בלייבט פון דער צייכנונג אוף די ווערטער אויף דער לינקער זייט פון א מטבע אדער מעדאל.

exert' *v.* (עג-זוירט') אנ- אנשטרענגען;

ווענדען: מאכען, ערפילען, ארויסברייננען [דורך אנשטרענגונג אדער בעמיהונג].

The prisoner's friends exerted themselves to secure for him a pardon.

exer'tion *n.* (עג-זויר'-שאָן) אנשטרענגונג, בעשטרעבונג, בעמיהונג; אנווענדונג; דאס טהאן, דאס ערפילען אדער דאס ארויסברייננען עפּעס [דורך אנשטרענגונג אדער בעמיהונג].

ex'eunt *v.* (עקס'-אי-אנט) אב, געהן ארויס [א ווארט וואס ווערט געברויכט אין א טעאטער-שטיק אום צו בעצייכנען, אז די אקטיארען פערלאזען די ביהנע].

ex'eunt om'nes (עקס'-אי-אנט אמ'-נעס) אלע געהען ארויס [אין טעאטערשפראך]. ז. *exeunt*

exflec'ted *a.* (עקס-פלעק'-טעד) אויסגעבויגען אדער אויסגעקעהרט ארויס-צו.

exfo'liate *v.* (עקס-פאו'-לי-אייט) זיך אבשפליטערען, זיך אבשיילען, זיך אבשפאלטען; אבשיילען, אבבלעטערען אדער אבשפאלטען.

exfolia'tion *n.* (עקס-פאו-לי-איי'-שאן) אבשיילונג, אבשפאלטונג.

exfo'liative *a. and n.* (עקס-פאו'-לי-איי-טיוו) וואס שיילט זיך אב, וואס שפאלט זיך אב; עטוואס וואס פעראורזאכט אדער פערשנעלערט אבשיילונג אדער אבשפאלטונג.

ex. gr. צום ביישפיעל, אלס ביישפיעל, דורך א ביישפיעל [אבקירצונג פון *exempli gratia*].

exha'lable *a.* (עקס-היי'-לעבל) וואס ווערט לייכט אויסגעדונסט אדער פערוואנדעלט אין פארע.

exha'lant *n. and a.* (עקס-היי'-לענט) אויסדונסטענד, וואס פערוואנדעלט זיך אין פארע; וואס ווערט אויסגעדונסט אדער קען אויסגעדונסט ווערען.

exhala'tion *n.* (עקס-היי-ליי'-שאן) אויסדרונסטונג, דונסט, פארע.

exhale' *v.* (עקס-הייל') אויסדרונסטען, זיך פערוואנדלען אין פארע.

exha'lent *n. and a.* (עקס-היי'-לענט) ז. *exhalant*

exhaust' *v. and n.* (עג-זאהסט') ערשעפּען, אויסמאטערען; אויסשעפּען, אויסלעדיגען; אין גאנצען פערברויכען; ארויסלאזונג, ארויסציהונג [ווי דאמפף פון א מאשין].

exhaust'-cham'ber *n.* (עג-זאהסט'-טשיימ'-בער) דער דאמפף-רוים אין א לאקאמאטיוו-קעסעל.

exhaus'ter *n.* (עג-זאהס'-טער) איינער אדער עטוואס וואס שעפּט אויס; א לופט-ציהער, א ווענטילאטאר [אין שאכטען].

exhaust'-fan *n.* (עג-זאהסט'-פען) א ווענטילאטאר.

exhaustibil'ity *n.* (עג-זאהס-טי-ביל'-אי-טי) ערשעפּליכקייט, אויסגעמאטערטקייט; דאס קענען אויסגעלעדיגט ווערען.

exhaus'tible *a.* (עג-זאהס'-טיבל) וואס קען אויסגעשעפּט, אויסגעלעדיגט אדער אין גאנצען פערברויכט ווערען.

exhaus'ting *a.* (עג-זאהס'-טינג) ערשעפּענד, אויסמאטערענד.

exhaus'ting machine' (עג-זאהס'-טינג מע-שין') ז. *exhauster*

exhaus'tion *n.* (עג-זאהס'-טשיאן) ערשעפּונג, אויסלעדיגונג; ארויסציהונג אדער ארויספּומפּונג [פון לופט]; אויסגעמאטערטקייט; אין כעמיע — ארויסציהונג פון א געוויסען שטאף פון א לעזונג; אין לאגיק — א מעטאדע צו בעווייזען עטוואס דורך דעם, וואס מען ווידערלעגט אלעס וואס קען פיהרען צו א פערקעהרטען שלום.

exhaus'tive *a.* (עג-זאהס'-טיוו) ערשעפּענד; פאלשטענדיג, אויספיהרליך, אלעס אומפאסענד [וועגען אבהאנדלונגען, פארשונגען, קריטיקען א. ד. ג.].

He is the author of an exhaustive treatise on electricity.

exhaus'tively *adv.* (עג-זאהס'-טיוו-לי) ערשעפּענדיג; אויספיהרליך, דורך און דורך; אויף אן אלעס-אומפאסענדען אופן [וועגען אבהאנדלונגען, פארשונגען א. ד. ג.].

exhaus'tiveness *n.* (עג-זאהס'-טיוו-נעס) ערשעפּליכקייט, אויספיהרליכקייט, דאס ארומנעהמען אלעס [וועגען אבהאנדלונגען, פארשונגען א. ד. ג.].

exhaust'less *a.* (עג-זאהסט'-לעס) אונערשעפּליך.

exhaust'-pipe *n.* (עג-זאהסט'-פאיפ) אן אויסלאס-ראהר [די ראהר אין א דאמפף-מאשין ארויסצולאזען דעם דאמפף].

exhaust'-steam *n.* (עג-זאהסט'-סטיעם) דער אויספּוף-דאמפף [דער אויסגענוצטער דאמפף וואס מען לאזט ארויס פון א דאמפף-מאשין].

exhaust'-valve *n.* (עג-זאהסט'-וועלוו) א ווענטיל אין א דאמפף-מאשין צו רעגולירען דעם ארויסלאז פון דעם אויסגענוצטען דאמפף.

exher'edate *v.* (עקס-הער'-אי-דייט) ענטערבען, מאכען אוים יורש.

exhereda'tion *n.* (עקס-הער-אי-דיי'-שאן) ענטערבונג, בעריובונג פון ערברעכט, דאס מאכען אוים יורש.

field *n. and v.* (פיעלד) א פעלד, א לאנקע, א ברייטער שטח; א שלאכט=פעלד; א געביעט פון געוויסער טהעטיגקייט; אין מאלעריי — דער גרונט [די וויים=בעפארבטע לייווענד, אויף וועלכער מען מאלט א בילד]; דער פלאץ, אויף וועלכען מען שפיעלט אין קריקעט; די גרופע מענשען, וועלכע נעהמען אנטייל אין דעם שפיעל; פערנעהמען אדער אבגעבען דאס פעלד [אין קריקעט=שפיעל].

field'-allow'ance *n.* (פיעלד'-ע-לאו'-ענס) א הוספה צום געהאלט וואס די אפיציערען בעקומען, זייענדיג אויף'ן שלאכט=פעלד, כדי צו דעקען די פערגרעסערטע הוצאות אין דער צייט פון מלחמה.

field'-artil'lery *n.* (פיעלד'-אר-טיל'-ע-רי) פעלד=ארטילעריע, לייכטערע קאנאנען, וועלכע מען קען אריבערפיהרען פון איין ארט צום צווייטען [אין געגענזאץ צו פעסטונגס=קאנאנען א. ד. ג.].

field'-bat'tery *n.* (פיעלד'-בעט'-ער-אי) א באטעריי פון פעלד=ארטילעריע, וועלכע בעשטעהט געוועהנליך פון 4 אדער 6 קאנאנען.

field'-bed *n.* (פיעלד'-בעד) א פעלד=בעט [א לאגער=בעטעל פון א סאלדאט].

field'-book *n.* (פיעלד'-בוק) א בוך וואס לאנד=מעסטער געברויכען ביים מעסטען פעלד.

field'-col'ors *n.* (פיעלד'-קאל'-ארז) אין מיליטער — די קליינע פאהנען אדער אנדערע צייכענס פון די בעזונדערע ראטעס סאלדאטען.

field corn (פיעלד קאהרן) געוויסע זארטען פון מאאיס אדער קוקורוזע וועלכע ווערען מייסטענס געברויכט צו קארמענען בהמות.

field'-day *n.* (פיעלד'-דיי) דער טאג ווען סאלדאטען געהען ארויס צו מארשירען אויף'ן מושטיר=פעלד; א פאראד=טאג; א יומא דפגרא; א יום=טוב פון א לעהר=אנשטאלט, ווען מען גיט זיך אב מיט ספארט; א טאג פאר וויסענשאפטליכע פארשונגען אין די פעלדער אדער וועלדער.

fiel'ded *a.* (פיעל'-דעד) וואס געפינט זיך אויף'ן שלאכט=פעלד; אויסגעלעגט אלס לאגער.

field'-eq'uipage *n.* (פיעלד'-עק'-הווי-פעדזש) די אויסשטאטונג, די בעוואפנונג צו מלחמה.

field'er *n.* (פיעלד'-ער) אין באל=שפיעל אדער קריקעט — איינער וואס שטעהט אין פעלד צו כאפען דעם באל אדער פילקע.

field'fare *n.* (פיעלד'-פעהר) דער דראזד אדער קראמעטס=פויגעל [א קליינער זינג=פויגעל פון א רויטליך=ברוינעם קאליר מיט א שווארצליכען עק און אש=גרויען קאפ].

Fieldfare

field for investiga'tion (פיעלד פאר אינ-וועס-טי-גיי'-שאן) דאס פעלד פאר ענטדעקונגען, דאס אונטערזוכונגס=געביעט.

The immigration problem is an important field for investigation.

field'-glass *n.* (פיעלד'-גלעס) א טעלעסקאפ, א שפאקטיוו.

field'-gun *n.* (פיעלד'-גאן) א הארמאט אדער קאנאנע פון פעלד=ארטילעריע.

field'-hand *n.* (פיעלד'-הענד) דער פעלד=ארבייטער.

field'-hos'pital *n.* (פיעלד'-האס'-פי-טעל) א שפיטאל איינגעריכטעט אויף א שלאכט=פעלד.

fiel'ding *n.* (פיעל'-דינג) דאס שפיעלען באל אויף'ן פלאץ פון קריקעט אדער באל=שפיעל.

field'-lens *n.* (פיעלד'-לענז) ז. ***field-glass***

field'-mad'der *n.* (פיעלד'-מעד'-ער) די פעלד=מארענע [א מין שארסטיג גראז. וואקסט אין ענגלאנד].

field'-mag'net *n.* (פיעלד'-מעג'-נעט) א מאגנעט פון אן עלעקטרישער מאשין; א מאגנעט געברויכט צום אויסגעפינען אייזען אין מינעראלען.

field'-mar'shal *n.* (פיעלד'-מאר'-שעל)

א פעלד-מארשאל [דער הויפט-קאמאנדיר פון דער גאנצער ארמעע].

field'-mouse *n.* (פיעלד'-מאוס) א פעלד-מויז.

field of bat'tle (פיעלד אוו בעטל) דאס שלאכט-פעלד, דער קאמפפס-פלאץ.

field'-of'ficer *n.* (פיעלד'-אפ'-אי-סער) א שטאב-אפיציער [אן אפיציער אין ראנג העכער פון א קאפיטאן און נידריגער פון א גענעראל].

field of vis'ion (פיעלד אוו וויזש'-אן) דאס בעאבאכטונגס-געביעט.

field'-piece *n.* (פיעלד'-פיעס) ז. ***field-gun***

field'-prea'cher *n.* (פיעלד'-פריע'-טשער) א וואנדערענדער פרעדיגער; איינער וואס פרעדיגט אונטער'ן פרייען הימעל.

field'-prea'ching *n.* (פיעלד'-פריע'-טשינג) דאס פרעדיגען אונטער'ן פרייען הימעל.

field'-sports *n.* (פיעלד'-ספאורטס) פעלד-פערגניגען [דאס געהן אויף יאגד און אטלעטישע שפיעלען].

field'-staff *n.* (פיעלד'-סטעף) דאס צינד-שטעקעל וואס מען פלעגט אמאל געברויכען אנצוצינדען דעם פולווער אין א הארמאט.

field'-vole *n.* (פיעלד'-וואול) ז. ***field-mouse***

field'-work *n.* (פיעלד'-הוואירק) וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען אדער פארשונגען וואס ווערען געמאכט בנוגע צו א פעלד אדער לאנד-געביעט; אין מיליטער — די ארומגראבונגען אדער שאנצען; אין סאציאלאגיע — אונטערזוכונגען וואס ווערען געמאכט אויף'ן גרונד פון צוזאמענקלייבען פאקטען אויף פערשיעדענע פלעצער.

fiend *n.* (פיענד) א בייזער פיינד; א מחבל, א טייוועל, א דעמאן, א שטן; זעהר א פערדארבענער מענש; א מאניאק; א מענש וואס איז ליידענשאפטליך איבערגעגעבען צו א געוויסער תאוה.

fien'dish *a.* (פיענ'-דיש) טייווליש, בייז; אויף דעם העכסטען אופן פערדארבען.

fien'dishly *adv.* (פיענ'-דיש-לי) מעשה מחבל; דורך שרעקליכער פערדארבענהייט.

fiend'like *a.* (פיענד'-לאיק) ז. ***fiendish***

fierce *a.* (פיערס) צורייצט; ווילד; גרויזאם; צארנדיג.

fierce'ly *adv.* (פיערס'-לי) צארנדיג; אויפגערייצט; מיט בייזקייט.

fierce'ness *n.* (פיערס'-נעס) ווילדהייט; גרויזאמקייט; וואוטה, צארן.

fier'ily *adv.* (פאיר'-אי-לי) פייערדיג, היציג.

fier'iness *n.* (פאיר'-אי-נעס) די פייערדיגקייט, דער ברען, די היץ.

fier'y *a.* (פאיר'-אי) פייעריג; היציג.

fier'y-foot'ed *a.* (פאיר'-אי-פוט'-עד) שנעל, ווי א פייל פון בויגען.

fier'y or'deal (פאיר'-אי אר'-די-על) די פייער-פראבע [דער אינקוויזיציאנס-משפט מיט פייער און וואסער].

fife *n. and v.* (פאיף) א פייפעל, א פלייט; שפיעלען אויף א פלייט.

Fife

fife'-ma'jor *n.* (פאיפ'-מיי'-דזשאר) דער ערשטער פלייט-שפיעלער אין דער ענגלישער מיליטערישער מוזיק.

fi'fer *n.* (פאי'-פער) א פייפער, א שפיעלער אויף א קווער-פייף אדער פלייט.

fifteen' *a. and n.* (פיפ-טיען') פופצעהן; די צאהל פופצעהן.

fifteenth' *a. and n.* (פיפ-טיענטה') וואס איז דער פופצעהנטער; א פופצעהנטעל.

fifth *a. and n.* (פיפטה) וואס איז דער פינפטער; א פינפטעל.

fifth'ly *adv.* (פיפטה'-לי) פינפטענס.

fif'tieth *a. and n.* (פיפ'-טי-עטה) וואס איז דער פופציגסטער; א פופציגסטעל.

fif'ty *a. and n.* (פיפ'-טי) פופציג; די צאהל פופציג.

fig *n.* (פיג) א פייג; א פייגען-בוים.

Fig

fig'-ap'ple *n.* (פיג'-עפל) דער פייג-עפעל [א מין עפעל אהן די אינעווענינגסטע ביינדלעך].

fig'-ea'ter *n.* (פיג'-איע'-טער) דער פייגען-עסער [א מין פויגעל]; א מין גריל פון דרום-אמעריקא.

fig'-gnat *n.* (פיג'-נעט) א מין פליג, וועלכע ברייגנט שאדען צו פייגען.

fight *v. and n.* (פאיט) זיך שלאגען; פעכטען; דועלירען, באקסען; קעמפפען; אויסקעמפפען [עטוואס]; זיך קריעגען; א געפעכט; א געשלעג, א שלעגעריי.

fight a field (פאיט ע פיעלד) האבען א געפעכט.

fight a ti'ger (פאיט ע טאי'-גער) שפיעלען פארא אדער באנק [אזא אזארטנער קארטען-שפיעל]; אן אנטייל אין אן אזארטנעם שפיעל.

figh'ter *n.* (פאי'-טער) א קעמפפער; א שלעגער.

figh'ting *n. and u.* (פאי'-טינג) דאס שלאגען זיך; דאס פעכטען; דאס קעמפפען; א געשלעג, א קאמפף, א געפעכט; פעכטענד, קעמפפענד; קאמפף-פעהיג; בערייט צום קאמפף; פערנומען אין א קאמפף אדער געפעכט.

figh'ting-cock *n.* (פאי'-טינג-קאק) א קאמפף-האהן; איינער וואס זוכט א געלעגענהייט זיך צו שלאגען, א שטרייטזיכטיגער מענש.

figh'ting cove (פאי'-טינג קאוו) א פראפעסיאנעלער באקסער [פויסט-שלעגער].

figh'ting-ground *n.* (פאי'-טינג-גראונד) א קאמפף-פלאץ.

fight it out (פאיט איט אוט) אויס-קעמפפען, אויספעכטען.

fight one's way (פאיט הוואנז הויי) זיך דורכשלאגען א וועג.

fight shy of (פאיט שאי אוו) אויסמיידען, אבטרעטען דעם וועג.

fight through (פאיט טהרוה) דורכשלאגען זיך.

fight with a shad'ow (פאיט הוויטה ע שעד'-או) קעמפפען מיט א שאטען [קעמפפען מיט אן איינגעבילדעטען פיינד].

fig'-leaf *n.* (פיג'-ליעף) א פייגען-בלאט; א צודעק פאר דער שאנדע; א שוואכע בעדעקונג, א קארגע בעקליידונג.

fig'ment *n.* (פיג'-מענט) אן אויסגעטראכטע אדער איינגעבילדעטע זאך.

figmen'tal *u.* (פיג-מענ'-טעל) וואס איז אויסגעטראכט.

fig'-shell *n.* (פיג'-שעל) אזא מויער-קאפ וואס האט די פארם פון א פייג.

fig'-tree *n.* (פיג'-טריע) א פייגענבוים

fig'ulate *a.* (פיג'-יו-לייט) וואס איז געמאכט געווארען פון ליים; וואס איז אויסגעקנאטען מיט די הענד.

fig'ulated *a.* (פיג'-יו-ליי-טעד) ז. ***figulate***

figurabil'ity *n.* (פיג-יו-רע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פארגעשטעלט ווערען אין א בילד, פארם אדער דיאגראם.

fig'urable *a.* (פיג'-יו-רעבל) וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין א געוויסער פארם אדער בילד.

fig'ural *a.* (פיג'-יו-רעל) וואס האט א געוויסע פארם אדער פיגור.

fig'urant *n.* (פיג'-יו-רענט) א פיגוראנט, א סטאטיסט [אין טעאטער — איינער וואס זיין ראלע בעשטעהט בלויז אין שטעהן אויף דער ביהנע, אבער ניט רייד-ען]; א באלעט-טענצער.

figurante' *n.* (פיג-יו-רענט') א באלעט-טענצערין; א סטאטיסטין אויף דער ביהנע.

fig'urate *a. and v.* (פיג'-יו-רייט) פארמירט, געשטאלטעט; וואס האט א בעשטימטע פארם אדער פיגור; אין מוזיק — פיגורירט, פערציערט מיט טאן-פיגורען אדער טרעלען; פארשטעלען; פיגורירען.

fig'urated *a.* (פיג'-יו-ריי-טעד) פארמירט, געשטאלטעט; וואס האט א בעשטימטע פארם אדער פיגור; אין מוזיק — פיגורירט, פערציערט מיט טאן-פיגורען אדער טרעלען.

fig'urately *adv.* (פיג'-יו-רייט-לי) מיט א בעשטימטער פארם אדער פיגור; געשטאלטעט, פארמירט.

figura'tion *n.* (פיג-יו-ריי'-שאן) דאס אננעהמען אדער בילדען א געוויסע פארם; דאס אויסבילדען זיך אין א געוויסער פארם; אין מוזיק — די פיגוראציאן, די פערציערונג פון א מעלאדיע מיט טאן-פיגורען אדער טרעלען; די ענדערונג פון דער פארם פון ווערטער ניט ענדערענדיג זייער מיין.

fig'urative *u.* (פיג'-יו-ריי-טיוו) פיגוראל, בילדליך, מליצה'דיג; וואס איז ניט אין דעם בוכשטעבליכען זין פון ווארט [צ. ב. א "שטיינערן" הארץ, א "שארפער" צונג, אן "אייזערנע" האנד, א "זויער" פנים א. ד. ג.]; בילדער-רייך, פול מיט בילדער [וועגען א רעדע אדער בעשרייבונג].

fig'uratively *adv.* (פיג'-יו-ריי-טיוו-

לי) אויף א פיגוראלען, מליצה'דיגען אדער בילדליכען אופן; ניט אין דעם בוכשטעבליכען זין פון ווארט.

fig'urativeness *n.* (פיג'-יו-רײ-טיװ-נעס) מליצה, בילדליכקייט; דאס זיין בילדליך, דאס זיין מליצה'דיג.

fig'ure *n. and v.* (פיג'-יור) א פיגור, א פארם, א געשטאלט, א בילד; א פערזענליכקייט; א מליצה; א פארשטעלונגס־בילד, א פאנטאזיע; א טאנץ־פיגור [די טורען אדער שטעלונגען ביים טאנצען]; א ציפער; א פרייז, א ווערטה; א קורצער מוזיקאלישער מאטיוו וואס האט א כאראקטעריסטישע, מעלאדישע אדער ריטמישע אייגענטימליכקייט; בילדען; געשטאלטען; פארמירען; פערציערען מיט בילדער אדער פיגורען; זיך פארשטעלען, זיך דענקען; · בערעכענען; פיגורירען; אויפטרעטען, שפיעלען א ראלע; פארשטעלען; מאכען א געוויסען ציינען; פערציערען א מעלאדיע מיט טרעלען.

fig'ure above' one (פיג'-יור ע-באװ' הוואן) א קאפ העכער פון איינעם.

He is a figure above me in size.

fig'ure-cas'ting *n.* (פיג'-יור-קעס'-טינג) די קונסט פון אבגיסען פיגורען.

fig'ured *a.* (פיג'-יורד) בעפוצט מיט פיגורען אדער מיט בלומען; בעמאלט מיט פיגורען; אין מוזיק — בעציערט מיט טרעלען.

fig'ure-dance *n.* (פיג'-יור-דענס) א טאנץ אין פיגורען; א באלעט־טאנץ.

fig'urehead *n.* (פיג'-יור-העד) א פיגור אלס פערציערונג אויף דעם שיף־שנאבעל; א פערזאן וואס איז צום שיין ארויסגעשטעלט אלס פערטרעטער פון אנדערע, ניט האבענדיג אין דער ווירקליכקייט וועלכע עס איז אויטאריטעט.

The King of England is no more than a figurehead in the government of the country.

fig'ure-ma'ker *n.* (פיג'-יור-מײ'-קער) א מאדעלירער, א פיגורען־מאכער, א מאדעלען־מאכער.

fig'ure of fun (פיג'-יור אוו פאן) א פערזאן וועלכע האט א קאמישען אויסזעהן.

fig'ure of speech (פיג'-יור אוו ספיטש) די רעדע־פיגור, מליצה, א בעוועדער ארט רעדען.

fig'ure-stone *n.* (פיג'-יור-סטאון) דער בילדשטיין, דער כינעזישער פעט־שטיין [א שטיין וועלכער האט די עהנליכקייט פון וועלכער עס איז א פיגור].

fig'ure-weav'ing *n.* (פיג'-יור-הוויוו'-אינג) פיגורען־וועבעריי, דאס איינוועבען פיגורען אין ציינען.

figurine' *n.* (פיג-יו-רין') א געשניצטע אדער געפארעמטע פיגור אדער א גרופע פון פיגורען אלס א פערציערונג.

fig'uring *n.* (פיג'-יו-רינג) בערעכענונג.

fig'wort *n.* (פיג'-הווארט) ברויזווארצעל; פייגענווארצעל [א פלאנצע].

Fi'jian *a. and n.* (פי'-דזשי-ען) וואס איז שייך צו די פידזשיש אינזלען, צו זייערע איינוואוהנער, שפראך א. ד. ג.; אן איינוואוהנער פון די פידזשיש אינזלען.

fila'ceous *a.* (פי-ליי'-שאס) פעדימדיג, אדערדיג; וואס בעשטעהט פון פעדים־עהנליכע אדער אדערדיגע טיילען.

fil'acer *n.* (פיל'-ע-סער) אין די פריהעריגע צייטען — א געריכטס־בעאמטער, א רעגיסטראטאר.

fil'ament *n.* (פיל'-ע-מענט) א פאדים, אן אדער, א פיבער.

filamen'tous *a.* (פיל-ע-מענ'-טאס) פעדימדיג; אדערדיג.

fi'lar *a.* (פאי'-לאר) פעדימדיג, אדערדיג; וואס בעשטעהט פון אדערלעך אדער פיבערען.

fil'ature *n.* (פיל'-ע-טשור) שפינעריי; א שפין־אינסטרומענט אבצואוויקלען די זייד־פעדים פון דעם קאקון [די זייד־געוועב אין וועלכען די זייד־ווערים וויקלען זיך איין]; א פלאץ, וואו מען וויקעלט אב די זייד־פעדים פון דעם קאקון.

fil'bert *n.* (פיל'-בערט) דער לאמבערטס־נוס [אזא גרויסער וואלד־נוס]; א לאמבערטסנוס־בוים.

fil'bert-tree *n.* (פיל'-בערט-טריע) א לאמבערטסנוס־בוים.

filch *v.* (פילטש) גנב'נען [אויף א קליינעם שטייגער], לקח'נען; אוועקשלעפען, אוועקשלעפען פון אונטער דער האנד.

fil'cher *n.* (פיל'-טשער) א גנב [הויפטזעכליך פון קלייניגקע גנבה'לעך]; איינער וואס גנב'ט אוועק, שלעפט אוועק אונטער דער האנד.

fil'chingly *adv.* (פיל'-טשינג-לי) אויף א גנבה'שען אופן.

file *n. and v.* (פאיל) א פייל [צום פיילען]; עטוואס וואס דיענט צום מאכען שעהנער, מעהר פאלירט [ווי א ליטערארישע ווערק]; עטוואס וואס איז שארפסטקע. וואס זעהט אויס ווי א פייל [וועגען קערפער־טיילען ביי אינזעקטען]; א שנור, א שטריק; א רייה, א שערענגע; א שנירעל אדער דראט, אויף וועלכען מען שנירט עפעס אויף אדער מען הענגט אויף פאפיערען; א פאפיערען־שטעכער; די קאלעקציאן פון דאקומענטען וואס ווערען אויף אזא אופן צוזאמענגענומען; א קאלעקציאן פון דאקומענטען בכלל; אויף א שאף־ברעט — די רייה קעסטעלעך וואס ציהט זיך דירעקט פון איין שפיעלער צום צווייטען; א לאפען אדער שמאטע צו ווישען די דיל; א גנב, א קעשענע־גנב; א כיטרער יונג; א פעהיגער, דורכגעטריבענער בחור; פיילען, פאלירען, אויסבעסערען, אויסשעהנערען; פערציהען אויף א שנור אדער דראט [ווי דאקומענטען]; אויסלעגען אין ארדנונג, איינטיילען, קלאסיפיצירען; פראטאקאלירען, רעגיסטרירען, פערצייכענען [דאקומענטען]; מארשירען אין א רייה; בילדען א רייה.

file'-clo'ser *n.* (פאיל'-קלאו'-זער) אן אונטער־אפיציער וואס שליסט די שערענגע צו סאלדאטען אום צו העלפען אויפצוהאלטען די שערענגע אין ארדנונג.

file'-cut'ter *n.* (פאיל'-קאט'-ער) א פיילען־שניידער, א פיילען־מאכער.

file'-dust *n.* (פאיל'-דאסט) פייל־שטויב [דער שטויב וואס קומט אראב פון פיילען].

file'-fire *n.* (פאיל'-פאיר) דאס שיסען רייהענווייז [ביי מיליטער].

file'-fish *n.* (פאיל'-פיש) דער פייל־פיש אדער הארן־פיש [אזא פיש וואס האט א שארפסטקע, נעקארבעטע הויט ווי א פייל. די הויט ווערט אפט געברויכט אנשטאט זאמד־פאפיער צום גלאט מאכען].



File-fish

file'-lea'der *n.* (פאיל'-ליע'-דער) דער סאלדאט וואס געהט פאראויס פאר א שערענגע סאלדאטען.

fil'emot *n. and a.* (פיל'-ע-מאט) דער קאליר פון א פערוועלקטען בלאט, געלבליך־ברוינער קאליר; געלבליך־ברוין, וואס האט דעם קאליר פון א פערוועלקטען בלאט. ז. *feuillemorte*.

fi'ler *n.* (פאי'-לער) א פיילער; א קעשענע־גנב.

filet' *n.* (פיע-ליי') אן ארנאמענט אין דער פארם פון א דינער ליניע ביים ראנד.

fil'ial *a.* (פיל'-יעל) ווי א קינד, וואס געפינט זיך אין בעציהונגען ווי קינדער צו עלטערען.

fil'ially *adv.* (פיל'-יעל-אי) ווי א קינד [אין בעצוג אדער בעציהונגען צו עלטערען].

fil'iate *v.* (פיל'-אי-אייט) אדאפטירען, אננעהמען אלס אן אייגען קינד; אין יוריספרודענץ — געריכטליך בעשטימען די אבשטאמונג [ווי פון א ממזר]; צושרייבען עטוואס צום ריכטיגען פערפאסער און שאפער; בעשטימען די נאהענטע פערהעלטניסע צווישען עפעס; ברייגנען אין שייכות, פערבינדען.

filia'tion *n.* (פיל-אי-איי'-שאן) דאס פערהעלטניס פון קינדער צו עלטערען; דאס שאפען פערהעלטניסע ווי צווישען עלטערען און קינדער [הויפטזעכליך דורך אדאפטירונג]; אין יוריספרודענץ — די געריכטליכע בעשטימונג פון דער אבשטאמונג [ווי, למשל, פון א ממזר]; נאהענטע פערבינדונג אדער קרוב'שאפט.

fil'ibuster *n. and v.* (פיל'-אי-באס-טער) א פיליבוסטער; א ים־רויבער; איינער פון אן ארגאניזירטער באנדע וואס האט די אויפגאבע געגען די אינטערנאציאנאלע געזעצע, זיך ארייגצורייסען אין א פרעמדען לאנד, אום דארט ארויסצורופען אן אויפשטאנד; א מיטגליעד פון דער מינאריטעט פון א געזעצגעבענדער אדער עהנליכער קערפערשאפט, וועלכער ווענדעט אן פערשיעדענע מיטלען [ווי קלאפען, טומלען, לאנג רעדען א. ד. ג.] אום צו שטערען דער מאיאריטעט אנצונעהמען א פארשלאג; זיך בעשעפטיגען מיט ים־רויבעריי; ארייגרייסען זיך, געגען די אינטערנאציאנאלע געזעצע, אין א פרעמדען לאנד, אום דארט ארויסצורופען אן אויפשטאנד; פיליבוסטערען [אין געזעצגעבענדע און עהנליכע קערפערשאפטען].

fil'ibusterer *n.* (פיל'-אי-באס-טער-ער) א פיליבוסטער [אין געזעצגעבענדע און עהנליכע קערפערשאפטען]. ז. *filibuster*.

fil'ibusterism *n.* (פיל'-אי-באס-טער-איזם) ים־רויבעריי; דאס פיליבוסטערען [אין געזעצגעבענדע און עהנליכע קערפערשאפטען]. ז. *filibuster*.

fil'ical *a.* (פיל'-אי-קעל) וואס בעלאנגט צו די פארנען [פאפאראטניקעס]. ז. *fern*.

Fil'ices *n.* (פיל'-אי-סיז) דער מין פארנען [פאפאראטניקעס].

fil'iciform *a.* (פיל'-אי-סי-פארם) עהנליך צו א פארן [פאפאראטניק].

fil'icoid *a. and n.* (פיל'-אי-קאיד) פארן־עהנליך; א פלאנצע וואס איז עהנליך צו א פארן [פאפאראטניק].

filif'erous *a.* (פאי-ליפ'-ע-ראס) וואס פראדוצירט פעדים, וואס ברייגנט ארויס אדער־פערמיגע אדער פעדים־פערמיגע טיילען [וועגען פלאנצען און אינזעקטען].

fil'iform *a.* (פיל'-אי-פארם) פעדים־

ארטיג, פעדים=פערמיג; וואס איז עהנליך צו אז אדער [פיבר].

fil'igree *n. and a.* (פיל'-אי-גריע) פיליגראן, דינע און זעהר איידעל=געפלאכטענע דראט=ארבייט; א זעהר דעליקאטע זאך; עפעס וואס קען זעהר לייכט צושעדיגט אדער צושטערט ווערען; וואס בעשטעהט פון פיליגראן אדער זעהר דין=געפלאכטענער דראט=ארבייט.

fi'ling *n.* (פאי'-לינג) דאס פיילען; פייל=שטויב, פייל=שפאן, אפילקעס, אבגעפיילטע שטיקלעך.

Filipi'no *n.* (פיל-אי-פי'-נא) איינער פון די איינוואהנער פון די פיליפינישע אינזלען.

fill *v. and n.* (פיל) פילען, אנפילען, מאכען פול; אויספילען; זעטיגען; אנזעטיגען; אנבלאזען [ווי א זעגעל אויף א שיף]; פערנעהמען א ליידיגע שטעלע אדער אמט; ערפילען א פפליכט; אנגיסען א כלי; פערשטאפען א לאך, פערשמיערען א שפאלט; פעלשעווען, געבען א געפעלשטע זאך; אנגיסען א בעכער, געבען אדער נעהמען א טרונק בראנפען; פול ווערען, אנפילען זיך; דאס וואס קען אנפילען אדער אנזעטיגען; א דישעל, א האלאבלע; פולקייט, גענונקייט.

fill'er *n.* (פיל'-ער) איינער אדער עפעס וואס פילט אן; א כלי, דורך וועלכער מען פילט אן אן אנדער כלי; א לייקע; דאס וואס דיענט אנצוזעטיגען עפעס אדער צו פערנעהמען א ליידיגען פלאץ; אין מאלעריי — א מאטעריאל, מיט וועלכען מען בעשמיערט די שפאלטען פון האלץ בכדי צו מאכען עס גלאט אום דערנאך צו לאקירען; דער טאבאק, וועלכער פילט אן א ציגאר צום אונטערשייד פון דעם טאבאק=בלאט, וואס וויקעלט איהם ארום; א פערד אין דישעל.

fil'let *n. and v.* (פיל'-עט) א באנד אדער לענטע צו פערבינדען די האר פון קאפ; אין ארכיטעקטור—א מין רינג אדער קארניז ארום א זייל [ז. *annulet*]; א לייסט צוגעשלאגען צו א וואנד אדער ארום א טהיר; א בעגילטער פאסיק אויף א ראהם פון א בילד; דער גווינט פון א שרויף; א רינג אויף דעם מויל אדער לאף פון א ביקס אדער הארמאט; ביי בוכבינדער — א רעדעל, וואס דריקט אב א ליניע אדער פיגור אויף די טאוולען אדער אויף'ן רוקען פון א בוך; אין טעלעגראפיע — די פאפיערענע לענטע, אויף וועלכער עס דרוקען זיך אב די טעלעגראמען; א פאס מיט אנגעשטעקטע דרעטלעך וואס בעדעקט דעם צילינדער פון א בארשט=מאשין; א מוסקול; פיליי [דאס מוסקול=פלייש פון די לענדען]; אז ארומגעבונדען, געבראטען שטיק פון רינד אדער קאלב=פלייש; א דיק שטיק פיש; אין אנאטאמיע — א נעוויסער בינטעל פון נערווען אדער אדערען; פערבינדען מיט א קליינעם באנד אדער לענטע; בעשלאגען מיט לייסטען; פערציערען מיט רינגען.

fil'let-plane *n.* (פיל'-עט-פליין) א לייסטען=הובעל.

fil'libuster *n.* (פיל'-אי-באס-טער) ז. ***filibuster***

fill'ing *n. and a.* (פיל'-אינג) דאס אויספילען; די אויספילונג; דאס אנפילען מיט עפעס א לעדיגע זאך; דאס פלאמבירען א צאהן; דאס בעדעקען א פארלאגע מיט טעפיך אדער קאוויאר; די קווערפעדים פון א געוועבטער זאך; די האפ

טונג, דאס אויסנעהען; אין מאלעריי — דאס קיטעווען א וואנד אדער ברעט, כדי די פארב אדער לאק זאל זיך לעגען גלאט; א שוואכער וואל פאר א צייטווייליגער אייזענבאהן; וואס ערפילט; וואס זעטיגט אן; וואס בעפריעדיגט עפעס.

fil'lip *v. and n.* (פיל'-איפ) א שנעלען; א שנעל; דאס וואס רעגט אדער רייצט אויף.

fillipeen' *n.* (פיל-אי-פיען') ז. ***philopena***

fil'lister *n.* (פיל'-איס-טער) דער פאלץ=הובעל [א הובעל צו מאכען א פוגע אין האלץ].

fil'lister-plane *n.* (פיל'-איס-טער-פליין) ז. ***fillister***

fill the bill (פיל טהי ביל) זיין צופריעדענשטעלענד.

I hope that the new clerk I engaged will fill the bill.

fill the sails (פיל טהי סיילז) אויפציהען די זעגלען צום ווינד צו.

fil'ly *n.* (פיל'-אי) א יונגע קליאטשע; א קאקעטקע.

film *n. and v.* (פילם) א פלעווקע, א דין הייטעל; בעלם [אויף'ן אויג]; א צווישען=הייטעל, א שייד=ווענטעל פון הויט; אין פאטאגראפיע — א דין הייטעל, אויף וועלכען דאס בילד ווערט ארא בגענומען; בעדעקען, איבערציהען מיט א הויט.

fil'my *a.* (פיל'-מי) הויטיג, איבערנעצויגען מיט א הויט.

fi'lose *a.* (פאי'-לאוס) פעדימדיג, אויסגעצויגען ווי א פאדים.

filoselle' *n.* (פיל-א-זעל') רויהע, ניט בעארבייטע זייד.

fil'ter *n. and v.* (פיל'-טער) א פילטער [אן אפאראט אבצוטיילען און פערהאלטען מעכאניש די הארטע טיילכלעך פון א פליסיגקייט]; א זייערעל, א דורכשלאג; פילטרירען, זייען, דורכזייען.

fil'tering-pa'per *n.* (פיל'-טער-אינג-פיי'-פער) פילטריר=פאפיער [א מין פאפיער, דורך וועלכען מען זייעט דורך וואסער].

fil'tering-press *n.* (פיל'-טער-אינג-פרעס) א פילטער, דורך וועלכען די פליסיגקייט ווערט דורכגעדריקט מיט'ן דרוק פון א וועלכער ניט איז מעכאנישער קראפט.

fil'tering-stone *n.* (פיל'-טער-אינג-סטאון) א פילטריר=שטיין, א שטיין וואס לאזט דורך זיך דורכגעהן וואסער.

fil'ter stand (פיל'-טער סטענד) א געשטעל וואו עס ווערען ארייננעשטעלט לייקעס אדער פילטערס.

filth *n.* (פילטה) שמוץ, אונריינקייט, מיאוס'קייט; פערדארבענהייט.

filth'-disease' *n.* (פילטה'-די-זיעז') א קראנקהייט וואס ווערט ארויסגערופען פון אונריינקייט און שמוץ.

fil'thily *adv.* (פיל'-טהי-לי) אויף א שמוציגען, אונריינעם; מיאוס'ען אדער פערדארבענעם אופן.

fil'thiness *n.* (פיל'-טהי-נעס) אונריינקייט, שמוציגקייט, פערדארבענקייט.

fil'thy *a.* (פיל'-טהי) שמוציג, אונריין, מיאוס; פערדארבען.

fil'thy lu'cre (פיל'-טהי לו'-קער) פערפלוכטעס געלד.

He is toiling day and night and all for the filthy lucre.

fil'trate *v. and n.* (פיל'-טרייט) פילטרירען, זייען, דורכזייען; פילטרירטע אדער דורכגעזייעטע פליסיגקייט.

filtra'tion *n.* (פיל-טריי'-שאן) דאס פילטרירען, דאס זייען, דאס דורכזייען.



Filtration

fi'lum *n.* (פאי'-לאם) א פאדים, א פיבר [פאזער]; א פעדימדיגער געבוי.

fim'briate *a. and v.* (פימ'-ברי-אייט) ווי מיט פראנזען, בעדעקט ביים ברעג מיט הערעלעך; בעציערען מיט א ראנד.

fimeta'rious *a.* (פימ-אי-טיי'-רי-אס) וואס וואקסט אויף מיסט אדער צווישען מיסט [וועגען פלאנצען].

fin *n.* (פין) א שופ, א פלאס=פעדער [פון א פיש]; דאס וואס איז עהנליך צו א שופ; די האנד; די לאפעטקע פון אן אקער=אייזען; די זייטיגע ברעטלעך וואס שטעקען ארויס פון א שיף.



Fins

fi'nable *a.* (פאי'-נעבל) וואס פערדיענט שטראף; וואס קען געריינינט ווערען.

fi'nal *a. and n.* (פאי'-נעל) ענדליך, לעצט, ענטשיידענד, ענטשיעדען, שליסליך, ענדגילטיג; וואס איז שייך צו דער ענד=אורזאכע [אין פילאזאפיע]; דאס לעצטע; פינאל, ענד, שלוס; אין פילאזאפיע — די ענד=אורזאכע [לויט דער לעהרע, אז אלעס וואס עקזיסטירט איז בעשאפען געווארען פאר א בעשטימטען צוועק — די אורזאכע וואס האט ארויסגערופען די עקזיסטענץ פון עפעס, דער ענד=ציעל].

fi'nal bal'ance (פאי'-נעל בעל'-ענס) דער שלוס באלאנס [אין בוכהאלטעריע].

fi'nal cause (פאי'-נעל קאהז) די ענד=אורזאכע. ז. ***final***

fina'le *n.* (פי-נא'-לע) דער פינאל, דער שלוס=טייל [פון אן אפערא, קאנצערט, דראמאטישער פארשטעלונג]; א שלוס.

final'ity *n.* (פאי-נעל'-אי-טי) ענדליכקייט, ענדגילטיגקייט; דאס זיין פערפאלקאמט אדער פאלשטענדיג פערענדיגט; שלוס, ענדע; עטוואס וואס קומט צולעצט; אין פילאזאפיע — די לעהרע, אז אלעס וואס עקזיסטירט איז בעשאפען צוליעב א געוויסען בעשטימטען צוועק; די לעהרע פון ענד=אורזאכען.

fi'nally *adv.* (פאי'-נעל-אי) צולעצט, צו ענד, ענדליך; אויף א פאלשטענדיגען שטייגער.

He was finally persuaded to take my advice.

fi'nal pas'sage of a bill (פאי'-נעל פעס'-עדזש אוו ע ביל) די לעצטע פון די

געזעצליך=בעשטימטע פארלעזונגען פון א געזעץ=פארשלאג, נאך וועלכער ער ווערט א געזעץ.

fi'nal touch (פאי'-נעל טאטש) דער לעצטער שטריך [ביים פערענדיגען א בילד, א סטאטוע א. ד. ג.]; דאס וואס פערענדיגט עפעס.

The manager put the final touches on the arrangements.

finance' *n. and v.* (פי-נענס') די פינאנסען; פינאנס=סיסטעם; פיהרען פינאנס=געשעפטען; בעזארגען מיט פינאנסען.

finan'ces *n.* (פי-נענ'-סען) איינקינפטע; רעגיערונגס=איינקינפטע.

finan'cial *a.* (פי-נענ'-שעל) פינאנציעל; וואס איז שייך צו פינאנסען; וואס איז שייך צו רעגיערונגס=איינקינפטע.

finan'cially *adv.* (פי-נענ'-שעל-אי) אין בעצוג צו פינאנסען.

financier' *n. and v.* (פי-נען-סיער') א פינאנסיסט; א בעאמטער וואס בעשעפטיגט זיך מיט די פינאנסען פון א פריוואטער אונטערנעהמונג אדער פון א רעגיערונג; אין די פריהריגע צייטען אין פראנקרייך — אן אטקופשטשיק [איינער וואס האלט אין ארענדע רעגיערונגס=שטייערן]; פיהרען פינאנס=געשעפטען; בעזארגען מיט פינאנסען.

financier'ing *n.* (פינ-ען-סיער'-אינג) פיהרונג פון פינאנס=געשעפטען.

finch *n.* (פינטש) א פינק אדער א זיאבליק [אזא פויגעל].

Finch

find *v. and n.* (פאינד) געפינען, אויסגעפינען; בעגעגענען, טרעפען; דערגרייכען, קומען צו...; בעשטימען [ביי געריכטליכע פערהאנדלונגען]; בעזארגען [מיט עפעס]; שאפען [עפעס]; זארגען [פאר אימעצען], אויסהאלטען [אימעצען]; געפעלען; ענטדעקונג.

fin'dable *a.* (פאינ'-דעבל) וואס מען קען געפינען.

find amiss' (פאינד ע-מיס') עפעס האבען אויסצוזעצען; טאדלען, קריטיקירען.

find bail (פאינד בייל) קריגען בירגשאפט אדער ערבות [פאר'ן געריכט].

find bones (פאינד באונז) ניט קענען ארונטערשלינגען.

fin'der *n.* (פאינ'-דער) איינער וואס געפינט עפעס אויס; אין צאל=אמט — איינער וואס געפינט אויס אריינגעשמוגעלטע סחורות.

fin de siè'cle (פען דע סי-איי'קל) דער סוף פון יאהרהונדערט, דער סוף פון 19טען יאהרהונדערט; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם ענד פון 19טען יאהרהונדערט; עמאנסיפירט, פראגרעסיוו, מאדערן.

find fault (פאינד פאהלט) געפינען אדער אויסזעצען פעהלערען; טאדלען, קריטיקירען.

find guil'ty (פאינד גיל'-טי) ערקלערען שולדיג [אין געריכט].

fin'ding *n.* (פאינ'-דינג) דאס געפינען, דאס אויסגעפינען; ענטדעקונג; דער בעשלוס [נאך א געריכטליכער אונטערזוכונג]; דאס אויסגעפונענע, דאס ענטדעקטע.

fin'ding-cat'alogue *n.* (פאינ'-דינג-קעט'-ע-לאג) א קאטאלאג, א פערצייכניס פון די נעמען פון די ביכער אין א ביבליאטעק [אהן איינצעלהייטען וועגען די ביכער, וועגען זייער אינהאלט א. ד. ג. דער צוועק פון אזא קאטאלאג איז בלויז צו העלפען געפינען די ביכער].

fin'ding-list *n.* (פאינ'-דינג-ליסט) ז. ***finding-catalogue***.

fin'dings *n.* (פאינ'-דינגז) די פערשידענע געצייג און ארבייטס=מאטעריאלען וואס איינציגע ארבייטער מוזען האבען אייגענע, הויפטזעכליך אזעלכע וואס ווערען געברויכט פון שוסטערס; שוסטער=מאטעריאלען [אויסער לעדער].

fin'ding-store *n.* (פאינ'-דינג-סטאור) א קראם פון שוסטער=געצייג און שוסטער=מאטעריאלען.

find in the deed (פאינד אין טהי דיעד) כאפען ביי דער האנד.

find one's legs (פאינד הוואנז לעגז) זיך שטעלען אויף די פיס.

find one's lev'el (פאינד הוואנז לעוו'-על) געפינען זיין ריכטיגען פלאץ.

find one's par'allel (פאינד הוואנז פער'-ע-לעל) געפינען זיין גלייכען.

find one's self (פאינד הוואנז סעלף) זיך פיהלען, זיך בעפינדען; זיך ערנעהרען, זיך אויסהאלטען; זיך אויסגעפינען פעהיג צו עפעס.

find out (פאינד אוט) אויסגעפינען, ענטדעקען.

find'-spot *n.* (פאינד'-ספאט) דער פלאץ, וואו עטוואס איז געפונען געווארען אדער ענטדעקט געווארען.

find vent (פאינד ווענט) געפינען אן אויסגאנג.

fine *a., adv., n. and v.* (פאין) פיין, עדעל, דעליקאט, עלעגאנט, נעט, געשמאקפאל, צארט, עמפפינדליך, שעהן; געשליפען, פארזיכטיג אויסגעארבייט; פראכטפאל, פאלקאם, אויסגעצייכענט, וואונדערבאר, מייסטערהאפט, מערקווירדיג, אנציהענד; שארף; דין, שיטער, קליין; וואס בעשטעהט פון זעהר קליינינקע טיילכלעך; ריין, גערייניגט, געלייטערט; אויף א דעליקאטען שטייגער; מיט פארזיכטיגקייט געמאכט; א געלד=שטראף; שטראף=געלד; געצאהלט פאר א געוויסען רעכט אדער פריווילעגיע; אן אבצאהל, אויסער ארענדע=געלד, וואס די וואסאלען פלעגען צאהלען אין דער פעאדאלער ארדנונג צו די לארדען; ארויפלעגען א געלד=שטראף; בעצאהלען פאר א רעכט אדער פריווילעגיע; רייניגען, לייטערען, גערייניגט ווערען, געלייטערט ווערען; מאכען גלאט, דין, עדעל.

fine arts (פאין ארטס) די פיינע קונסט [א קונסט וואס ווירקט הויפטזעכליך דורך שעהנהייטס=פארמען: ארכיטעקטור, סקולפטור, מאלעריי און גראווירונג].

fine as a fid'dle (פאין עז ע פידל) זעהר צארט, פראכטפאל.

fine cas'ting (פאין קעס'-טינג) א קינסטלערישע, אויסערגעוועהנליך שעהנע אדער ווערטהפאלע אבגעגאסענע פיגור.

fine'-cut *a.* (פאין'-קאט) דין געשניטען.

fine'draw *v.* (פאינ'-דראה) פערנעהען אזוי, אז עס זאלען זיך ניט זעהן ניט די נעט, ניט די שטעך; אויסציהען זעהר דין [ווי למשל, דראט].

fine'drawer *n.* (פאינ'-דראה-ער) א קינסטלער אין צונויפנעהען אזוי, אז מען זאל ניט זעהן די נעט און די שטעך [ווי למשל, טעפיכען].

fine'drawing *n.* (פאינ'-דראה-אינג) א מעטאדע צו פערצירעווען שטאפען אדער צונויפנעהען פערשיעדענע טיילען אזוי, אז מען זאל ניט זעהן ניט די נעט, ניט די שטעך.

fine'-drawn *a.* (פאין'-דראהן) זעהר דין אויסגעצויגען [ווי דראט]; שארף, שפיציג, מיט צופיעל שארפזיניגקייט.

fineer' *v.* (פאי-ניער') קריגען סחורה אויף בארג דורך דעם וואס איינער בעשטעלט אזא סחורה, וועלכע קען פאר קיין אנדערען ניט טויגען, און ער ערקלערט נאכדעם, אז אויב מען קען איהם די סחורה ניט בארגען, וועט ער זי ניט נעהמען.

fine'-fin'gered *a.* (פאינ'-פינ'-גערד) געשיקט, קינסטלעריש, פאכמעניש.

fine'ly *adv.* (פאינ'-לי) מיט פיינקייט, מיט עדעלקייט, מיט עלעגאנץ, מיט שארפקייט; אויף א פאלקאמענעם, מייסטערהאפטען אופן; דין; געלייטערט, גערייניגט.

fine'ness *n.* (פאינ'-נעס) פיינקייט, דינקייט, געלייטערטקייט; עלעגאנץ; מייסטערהאפטיגקייט, עמפפינדליכקייט, געשליפענקייט, עדעלקייט, דעליקאטנעקייט.

fine'-nosed *a.* (פאינ'-נאוזד) וואס האט א גוטען חוש הריח.

fi'ner *n.* (פאי'-נער) א לייטערער פון מעטאלען.

fi'nery *n.* (פאי'-נע-רי) גלאנץ, פוץ; א געציערטער סטיל אין שרייבען אדער ריידען; אזא אויווען וואו גוס=אייזען ווערט פערוואנדעלט אין שמיעד=אייזען.

fine-spo'ken *a.* (פאינ'-ספאו'קן) בענוצענדיג א העפליכע שפראך; ריידענדיג מיט פיינע אויסדריקע.

fine'-spun *a.* (פאינ'-ספאן) פיין געשפונען; שארפזיניג, איבערגעשפיצט.

finesse' *n. and v.* (פי-נעס') כיטרעקייט, איבערגעשפיצטקייט; א כיטרער איינפאל; בענוצען כיטרעקייט; כיטרעווען; געברויכען א כיטרען איינפאל.

fine stuff (פאין סטאף) א שימערע וואפנע צו פלאסטערען ווענד.

fine'-toned *a.* (פאינ'-טאונד) מעלאדיש.

fine'top-grass *n.* (פאינ'-טאפ-גרעס) א זארט ווערטהפאלע פיטערונגס=גראז וואס וואקסט אויף לאנקעס.

fin'-fish *n.* (פינ'-פיש) א פיש מיט פלוס=פעדערען.

fin'foot *n.* (פינ'-פוט) א שווים=פוס [א פוס ווי פון געוויסע פויגעל וואס די פינגער זיינען פערבונדען מיט א שווים=הייטעל]; דער זון=פויגעל.

fin'-foot'ed *a.* (פינ'-פוט'-עד) וואס האט שווים=פיס, וואס די פינגער פון די פיס זיינען פערבונדען מיט א שווים=הייטעל.

fin'ger *n. and v.* (פינ'-גער) א פינגער; דער פינגערזאץ אין מוזיק; בעריהרען מיט די פינגער, טאפען; גרייפען, ערגרייפען; שפיעלען [אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט]; אנגעבען אויף די מוזיק=נאטען די פינגער וועלכע מען זאל געברויכען אין שפיעלען.

fin'ger-al'phabet *n.* (פינ'-גער-על'-פע-בעט) א פינגער אלף=בית, אן אלף=בית

אדער א=בע=צע וואס ווערט צונויפגעשטעלט
פון פערשיעדענע שטעלונגען און בעוועגונ=
גען פון די הענד און די פינגער, ווי עס
געברויכען טויב=שטומע.

Finger-alphabet

fin′ger and thumb (פינ′-נער ענד
טהאם) איין הארץ און איין נשמה.

fin′ger-board *n.* (פינ′-גער-באורד) דאס
פינגער=ברעטעל פון א פידעל [דאס ברע=
טעל ביים האלז פון פידעל, איבער וועל=
כען עס זיינען געצויגען די סטרונעס און
וואו זיי ווערען אנגעדריקט מיט די פינגער
ביים שפיעלען]; דאס שליסעל=ברעט פון
א קלאוויר [די קלאוויאטור].

fin′ger-bowl *n.* (פינ′-גער-באול) א
גלאז אדער שיסעלע, וואו עס ווערט געהאל=
טען וואסער אויף′ן טיש, צום אבוואשען
ד' פינגער נאך′ן עסען.

fin′gerbreadth *n.* (פינ′-גער-ברעדטה)
די ברייט פון א פינגער.

fin′ger-coun′ting *n.* (פינ′-גער-קאונ′-
טינג) דאס רעכענען אויף די פינגער.

fin′gered *a.* (פינ′-גערד) מיט פינגער.

fin′ger-end *n.* (פינ′-גער-ענד) דער
שפיץ פון א פינגער.

fin′gerer *n.* (פינ′-גער-ער) איינער וואס
האט צו טהאן מיט זאכען, צו וועלכע ער
האט קיין רעכט ניט.

fin′ger-fern *n.* (פינ′-גער-פוירן) דאס
שטרייפען=גראז.

fin′ger-glass *n.* (פינ′-גער-גלעס)
ז. *finger-bowl*

fin′ger-grass *n.* (פינ′-נער-גרעס) דאס
פינגער=גראז אדער קאמגראז.

fin′ger-hôle *n.* (פינ′-גער-האול) דאס
פינגער=לאך אין א קלארנעט, אין א פלייט
א. ד. ג.

fin′gering *n.* (פינ′-גער-אינג) דאס
ריהרען אדער שפיעלען מיט די פינגער;
צייכענס אין נאטען וואס צייגען מיט וועל=
כע פינגער צו שפיעלען; פינגער=ארבייט,
דעליקאטע ארבייט.

fin′ger-key *n.* (פינ′-גער-קי) א שלי=
סעל פאר עפענען און שליסען דעם עלעק=
טרישען שטראם=קרייז פון א טעלעגראף.

fin′gerling *n.* (פינ′-גער-לינג) א גאנץ
קליינע זאך.

fin′ger of bread (פינ′-גער אוו ברעד)
א פעניצעל ברויט.

fin′ger of God (פינ′-גער אוו גאד)
גאט'ס פינגער, גאט'ס ארבייט [אצבע
אלהים].

fin′ger-plate *n.* (פינ′-גער-פלייט) א
גלעזערנע אדער מעטאלענע פלאטע ביים
הענטעל אדער גריף פון א טהיר, כדי דער
ארט ארום זאל ניט ווערען שמוציג.

fin′ger-post *n.* (פינ′-גער-פאוסט) א
וועג=ווייזער [א סלופ מיט א ברעטעל
וואס איז אויסגעמאכט ווי א האנד מיט
אן אויסגעשטרעקטען פינגער צו צייגען
דעם וועג].

fin′ger-puff *n.* (פינ′-גער-פאף) א לאנ=
גער לאק האר [מייסטענס גע=
מאכט דורך אויפראלען די
האר אויף א פינגער].

Finger-stall

fin′ger-stall *n.* (פינ′-גער-
סטאהל) א פינגער=מענטעלע,
א פינגער=הייטעל [וואס מען
טהוט אן אויף א פערוואונ=
דעטען פינגער].

fin′ger-talk *n.* (פינ′-גער-טאהק) פינ=
גער=שפראך.

fin′ger-tip *n.* (פינ′-גער-טיפ) דער שפיץ
פינגער.

fin′gle-fan′gle *n.* (פינ′גל-פענ′גל)
ז. *fiddle-faddle*

fin′ic *a.* (פינ′-איק) ז. *finical*

fin′ical *a.* (פינ′-אי-קעל) וואס איז א
גרויסער בעל מקפיד; וואס פוצט זיך
זעהר שטארק; וואס וויל ארויסווייזען אי=
בערטריבענע עלעגאנץ.

finical′ity *n.* (פינ-אי-קעל′-אי-טי)
דאס זיין א גרויסער בעל מקפיד; דאס
שטארק פוצען זיך; איבערטריבענער פוץ
אדער עלעגאנץ.

fin′ically *adv.* (פינ′-אי-קעל-אי) אויף
אן איבערטריבענעם, פערפוצטען אדער
עלעגאנטען אופן; מיט גרויסער עלעגאנץ.

fin′icalness *n.* (פינ′-אי-קעל-נעס)
ז. *finicality*

fin′icking *n. and a.* (פינ′-אי-קינג)
דאס זיין קליינליך, דאס זיין א בעל
מקפיד; קליינליך, וואס איז מקפיד אויף
קלייניגקייטען; אויסגעפוצט, ציערליך;
איבערקלייבעריש [אין קליידונג א. ד. ג.].

fin′icky *a.* (פינ′-אי-קי) קליינליך, וואס
איז מקפיד אויף קלייניגקייטען; אויסגע=
פוצט, ציערליך, איבערקלייבעריש [אין
קליידונג א. ד. ג.].
Don't be too **finicky** about your food.

fin′ified *a.* (פינ′-אי-פאיד) אויסגע=
פוצט, פראנטיש; ציערליך=מאנירליך.

fin′ikin *a. and n.* (פינ′-אי-קין) קליינ=
ליך, וואס איז מקפיד אויף קלייניגקייטען;
ציערליך, אויסגעפוצט, איבערקלייבעריש
[אין קליידונג א. ד. ג.]; אזא מין טויב.

fi′ning *n.* (פאי′-נינג) דאס רייניגען, דאס
קלאר מאכען, דאס פילטרירען וויין אדער
אנדערע געטרענקע; דאס ווערען ריין
אדער קלאר [וועגען וויין אדער אנדערע
געטרענקע].

fi′ning-forge *n.* (פאי′-נינג-פאורדזש)
א שמעלץ=אויווען; אן אויווען צו פער=
וואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען.

fi′ning-pot *n.* (פאי′-נינג-פאט) א
שמעלץ=טאפ, טיגעל.

fi′nis *n.* (פאי′-ניס) אן ענד, א שלום.

fin′ish *v. and n.* (פינ′-איש) ענדיגען,
ברייגנען צו א סוף; מאכען א סוף; פער=
ניכטען; פערענדיגען א זאך, בעפוצען,
פאלירען; קומען צו א סוף; אבשטעלען
זיך; דער סוף פון עפעס; די פאלענדונג;
דאס פערענדיגען אן ארבייט; די לעצטע
בעפוצונג און ארויספארטיגונג פון אן אר=
בייט.

fin′ished *a.* (פינ′-אישט) פערפאלקאמט;
פאלענדעט; אבגעפאלירט; ארויסגעענדיגט.

fin′ished draw′ing (פינ′-אישט דראה′-
אינג) א צייכנונג, וועלכע איז בעארבייט
געווארען אין אלע דעטאלען, מיט אלע
פרטים.

fin′isher *n.* (פינ′-איש-ער) א פאלענ=
דער, אן ענדיגער; דער אדער דאס וואס
ענדיגט ארוים; דער אדער דאס וואס
ברייגנט צו א סוף.

fin′ishing *n.* (פינ′-איש-אינג) די ענ=
דונג, די פאלענדונג.

fin′ishing-blow *n.* (פינ′-איש-אינג-
בלאו) דער לעצטער קלאפ.

fin′ishing-school *n.* (פינ′-איש-אינג-
סקוהל) א העכערע פריוואט=שוהל [פאר
אריסטאקראטישע מיידלעך].

fin′ishing-stroke *n.* (פינ′-איש-אינג-
סטראוק) ז. *finishing-blow*

fi′nite *a. and n.* (פאי′-נאיט) ענדליך;
וואס האט אן ענד אדער א גרענעץ; בע=
שטימט; וואס קען בעשטימט ווערען; דאס
ענדליכע [דאס וואס האט א סוף אדער
גרענעץ].

fi′nitely *adv.* (פאי′-נאיט-לי) אויף אן
ענדליכען, בעגרענצטען אדער בעשטימטען
שטייגער.

fi′niteness *n.* (פאי′-נאיט-נעס) ענד=
ליכקייט, בעשטימטהייט, בעגרענצטקייט.

fin′itude *n.* (פינ′-אי-טיוד) די ענד=
ליכקייט.

fin′less *a.* (פינ′-לעס) אהן פלוס=פעדערען
[וועגען פיש].

fin′like *a.* (פינ′-לאיק) ווי פלוס=פעדערען.

Finn *n.* (פין) א פינלענדער; איינער פון
דער פינישער ראסע.

finned *a.* (פינד) מיט פלוס=פעדערען.

Finn′ic *a.* (פינ′-איק) וואס בעלאנגט צו
די פינלענדער אדער צו זייער שפראך.

fin′nicking *a.* (פינ′-איק-אינג)
ז. *finicking*

fin′nikin *a.* (פינ′-אי-קין) ז *finikin*

Finn′ish *n. and a.* (פינ′-איש) די פי=
נישע שפראך; וואס בעלאנגט צו פינלענ=
דער אדער זייער שפראך.

fin′ny *a.* (פינ′-אי) וואס האט פלוס=פע=
דערען; ווי א פיש; וואס איז שייך צו
פיש.

fi′nos *n.* (פי′-נאוס) די צווייטע זארט
מערינא=וואל [א האנדעלס=אויסדרוק].

fin′-toed *a.* (פינ′-טאוד)
ז. *fin-footed*

fiord *n.* (פיארד) א פיארד, א בוכטע,
א שמאלע אריינגיסונג פון ים אין הויכע
ברעגעס פון לאנד.

fir *n.* (פויר) א טאנענבוים; א סאסנע.

fire *n. and v.* (פאיר) פייער, ברענענ=
דער הייץ=מאטעריאל, שרפה, א פונק אדער
פונקען [איבערהויפט פון צוגליהטען איי=
זען אדער פון א קלאפ אן א שטיין];
גלאנץ, שטראהלענדער גלאנץ; דאס
שטראהלען [פון ווערטה=שטיינער]; א
שטראהלענדער קערפער, א שטערן; היץ,
שטארקע אויפרעגונג, ברענענדער פערלאנג,
ליידענשאפטליכע ליעבע, וואוט; שטאר=
קע פארשטעלונגס=קראפט; העפטיגקייט,
לעבהאפטיגקייט; ליידען; דאס שיסען,
שיסעריי [פון פייער=שיס=געוועהר]; פייע=
רען, אנצינדען; ענטצינדען; באקען, טרי=
קענען, ברענען; אויפרעגען, אנצינדען,
דערהיצען; זיך אנצינדען, ווערען אויפ=

גערעגט, דערהיצט אדער אנגעצונדען; פערטרייבען [ווי דורך פייער], ארויסווארפען, ענטלאסען; שיסען [פון פייער⸗שיס⸗געוועהר], אויפרייסען, עקספּלאדירען; בעווארפען [ווי מיט שטיינער]; שטארק בעלייכטען.

fire a gun (פאיר ע גאן) 1. אויסשיסען; 2. אנפאנגען א קאמפף.
2. The first gun in the campaign was fired at the meeting last night.

fire′-alarm′ *n.* (פאיר′-ע-לארם′) א פייער⸗אלארם, א פייער⸗סיגנאל; אן אפּאראט צו געבען א פייער⸗סיגנאל.

fire′-alarm′ box (פאיר′-ע-לארם′ באקס) א פארריכטונג אין די גאסען צו געבען א פייער⸗סיגנאל צו די פייער⸗לעשער.

fire′-anni′hilator *n.* (פאיר′-ע-נאי′-הי-ליי-טאר) א לעש⸗אפּאראט.

fire′-ant *n.* (פאיר′-ענט) א פייער⸗מוראשקע [אזא מוראשקע אין די הייסע לענדער, וועלכע עסט זיך איין אין דער הויט און פעראורזאכט א ברענענדען וועהטאג].

fire′arm *n.* (פאיר′-ארם) א פייער⸗שיס⸗געוועהר.

fire′-ar′row *n.* (פאיר′-ער′-או) א פייער⸗פייל [אין די אלטע צייטען — א פייל מיט עקספּלאדירענדע שטאפען].



Fire-arrows

fire a slug (פאיר ע סלאג) מאכען א כוסה.

fire at (פאיר עט) שיסען אויף אימעצען אדער עפּעס.

fire away′ ! (פאיר ע-הוויי′) פלאץ ארויס, שיס אויס, הויב אן! הויב אן דעם קאמפף!

fire′back *n.* (פאיר′-בעק) די הינטערשטע וואנד פון אן אויוועז; דער פייער⸗פאזאן [אזא פויגעל מיט רויטע פעדערען אויף׳ן רוקען. האלט זיך אויף די מאלאי⸗אינזלען. ז. *macartney cock*].

fire′-backed *a.* (פאיר′-בעקט) וואס האבען רויטע רוקען⸗פעדערען [וועגען פויגלען].

fire′-ball *n.* (פאיר′-באהל) א פייער⸗קוגעל, די זון; א לייכט⸗קוגעל [א פייערדיגער קנויל וואס פאלט אפט בעת א שטורם און ווערט צופלאצט מיט גערויש]; א גראנאט.

fire′-balloon′ *n.* (פאיר′-בע-לוהן′) א פייערווערק⸗לופט⸗באלאן.

fire′-bar *n.* (פאיר′-באר) א שטענגעל פון אן אויוועז⸗גראטע [רעשאטקע].

fire′-bar′rel *n.* (פאיר′-בער′-על) א בראנד⸗פאס [א צילינדער מיט עקספּלאדירענדע שטאפען, וואס ווערט געברויכט אויף שיפען, וועלכע מען עקספּלאדירט, אום צו שעדיגען א שונא׳ס שיף].

fire′-bars *n.* (פאיר′-בארז) אן אויוועז⸗גראטע.

fire′-bas′ket *n.* (פאיר′-בעס′-קעט) א פייער⸗טאפּ.

fire′-bav′in *n.* (פאיר′-בעוו′-אין) א בינטעל ריטער אויף צו מאכען א פייער [ווערט געברויכט אויף שיפען, וועלכע מען עקספּלאדירט אום צו שעדיגען א שונא׳ס שיף].

fire′-bell *n.* (פאיר′-בעל) א פייער⸗אלארם⸗גלאק.

fire′board *n.* (פאיר′-באורד) א קאמין⸗ברעט, אן אויוועז⸗ברעט [א ברעט מיט וועלכען מען פערשטעלט דעם אויוועז אום זומער].

fire′-boat *n.* (פאיר′-באוט) א שיפעל מיט פייער⸗לעש⸗מאשינען צום אויסלעשען שרפות אויף שיפען און אין האפענס.

fire′-boom *n.* (פאיר′-בוהם) א פייער⸗האקען [א האקען אויף שיפען, אבצוהאלטען פיינדליכע בראנד⸗שיפען].

fire′-bote *n.* (פאיר′-באוט) דאס הייץ⸗מאטעריאל, וואס עס איז ערלויבט פאר אן ארענדאטאר פון לאנד צו נעהמען פון וואלד.

fire′-box *n.* (פאיר′-באקס) דער הייץ⸗רוים אין א דאמפּף⸗מאשין.

fire′brand *n.* (פאיר′-ברענד) א האלאוועשקע; איינער אדער עטוואס וואס צינדט אן, דערהיצט אדער רעגט אויף; אן אונטערצינדער; איינער וואס מאכט אן צרות אדער מחלוקות.

fire′-brea′thing *a.* (פאיר′-בריע′-טהינג) פייער⸗שפייענד.

fire′-brick *n.* (פאיר′-בריק) א פייער⸗פעסטער ציגעל [א ציגעל געמאכט פון מאטעריאל וואס קען אויסהאלטען א שטארקע היץ].

fire′-bridge *n.* (פאיר′-ברידזש) א ווענטעל פון פייער⸗פעסטע ציגעל אין אן אויוועז צו פערשטעלען דאס פייער.

fire′-brigade′ *n.* (פאיר′-ברי-גייד′) א פייער⸗בריגאדע [אן ארגאניזירטע קאמפּאניע פייער⸗לעשער].

fire′-brush *n.* (פאיר′-בראש) אן אויוועז⸗בארשט.

fire′-buck′et *n.* (פאיר′-באק′-עט) א פייער⸗עמער [צו לעשען א פייער].

fire′bug *n.* (פאיר′-באג) אן אונטערצינדער.

fire′-chief *n.* (פאיר′-טשיעף) דער הויפּט [שעף] פון א פייער⸗לעשער⸗בריגאדע.

fire′-clay *n.* (פאיר′-קליי) פייער⸗ליים [ליים וואס קען אויסשטעהן פייער].

fire′-com′pany *n.* (פאיר′-קאמ′-פע-ני) א פייער⸗בריגאדע; א פייער⸗פערזיכערונגס⸗קאמפּאניע.

fire′-crack′er *n.* (פאיר′-קרעק′-ער) א פייערווערק שפּיעל⸗צייג.

fire′-cross *n.* (פאיר′-קראהס) דער פייעריגער צלם [אין די אלטע צייטען אין שאטלאנד — א צלם וואס האט געדיענט אלס צייכען פון קריעג און אלס אויפרוף זיך צו נעהמען צו די וואפען].

fire′-damp *n.* (פאיר′-דעמפּ) קויהלען⸗גאז [גאז וואס ענטהאלט זיך אין קויהלען און וואס פעראורזאכט אפט עקספּלאזיאנען אין קויהלען⸗גרובען].

fire′-depart′ment *n.* (פאיר′-די-פארט′-מענט) דער דעפּארטאמענט פון א שטאדט⸗פערוואלטונג וואס האט די אויפגאבע צו פערהיטען און לעשען שרפות; א פייער⸗בריגאדע.

fire′-dog *n.* (פאיר′-דאג) א פייער⸗אייזען [איינער פון די צוויי אייזערנע געשטעלען אין אן אויוועז, אויף וועלכע מען לעגט אוועק דאס האלץ צו מאכען פייער]. ז. *andiron*.

fire′-door *n.* (פאיר′-דאור) אן אויוועז⸗טהיר.

fire′drake *n.* (פאיר′-דרייק) א פייעריגער מעטעאר [א שטיין וואס פאלט פון הימעל]; דאס בלאנדזשענדע ליכט [א שיין וואס צייגט זיך אפט ביינאכט אין זומפּיגע פלעצער]; א גראנאט.

fire′-dress *n.* (פאיר′-דרעס) א פייער⸗זיכערער אדער פייער⸗פעסטער מאנטעל [וועלכען עס טראגען די פייער⸗לעשער].

fire′-ea′ter *n.* (פאיר′-איע′-טער) א פייער⸗פרעסער [א קונצען⸗מאכער וואס שלינגט כלומר׳שט פייער]; א בעל⸗מחלוקה, א היציגער, אונרוהיגער מענש; א פּראפעסיאנעלער דועליסט; אין די פעראייניגטע שטאאטען, פאר דעם בירגער⸗קריעג — א קריעגעריש⸗געשטימטער אנהענגער פון דער פאדערונג אבצוטיילען די זיד⸗שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען.

fire′-ea′ting *a.* (פאיר′-איע′-טינג) פייער⸗פרעסענד [וועגען קונצען⸗מאכער וואס שלינגען כלומר׳שט פייער]; אן אונרוהיגער, היציגער מענש, א בעל⸗מחלוקה.

fire′-en′gine *n.* (פאיר′-ענ′-דזשין) א פייער⸗לעש⸗מאשין.



Fire-engine

fire′-escape′ *n.* (פאיר′-עס-קייפּ′) א פייער⸗רעטונגס⸗אפּאראט, א פייער⸗רעטונגס⸗לייטער [א לייטער אדער אן אנדער פארריכטונג ביי געביידען, דורך וועלכע מען ראטעוועט זיך בעת א שרפה].

fire′-extin′guisher *n.* (פאיר′-עקס-טינ′-גהוויש-ער) א לעש⸗אפּאראט [מעהרסטענטייל א האנד⸗אפּאראט], מיט וועלכען מען לעשט דאס פייער מיט וואסער אדער מיט וואסער וואס איז געמישט מיט כעמישע שטאפען [מייסטענס מיט קויהלען⸗שטאף].

fire′-eye *n.* (פאיר′-אי) דער פייער⸗אויגיגער דראסעל [אזא פויגעל מיט רויטע אויגען אין זיד⸗אמעריקא].

fire′-eyed *a.* (פאיר′-איד) וואס האט ברענענדע, פייעריגע אויגען.

fire′-fanged *a.* (פאיר′-פענגד) אויסגעטריקענט [ווי פון פייער]; פערדארט [וועגען מיסטיגונגס⸗שטאף]; פערטריקענט, צושפאלטען [וועגען קעז].

fire′-fiend *n.* (פאיר′-פיענד) דער פייער⸗טייוועל [פייער פערזאניפיצירט אלס א גייסט פון פערניכטונג]; אן אונטערצינדער.

fire′-fish′ing *n.* (פאיר′-פיש′-אינג) פיש⸗פאנג מיט דער הילף פון פאקעלען, די שיין פון וועלכע עס ציהט צו די פיש.

fire′-flaught *n.* (פאיר′-פלאהט) א בליץ [הויפּטזעכליך א בליץ אהן א דונער]; דאס נארד⸗ליכט.

fire′fly *n.* (פאיר′-פלאי) דער לייכטענדער קעפער [זשוק]; א גליה⸗ווארים.

fire′-grate *n.* (פאיר′-גרייט) א פייער⸗גראטע.

fire′-guard *n.* (פאיר′-גארד) א דראט⸗געפלעכט פאר א קאמין.

fire′-hol′der *n.* (פאיר′-האול′-דער) א כלי, אין וועלכער מען טראגט ארום פייער.

fire′-hole *n.* (פאיר′-האול) א פלאנקע אדער פראליווקע [א לאך אין א פערפראַרענעם טייך], וועלכע מען האקט אויס אין אייז, אום צו האבען גרייט וואסער אין פאל פון א פייער.

fire′-hook *n.* (פאיר′-הוק) א פייער⸗

האקען [ארונטערצורייסען טיילען פון א ברענענדער געביידע]: אן אייזערנער שטאנג צו מישען דאס פייער אין אויווען.

fire'-hunt *n.* (פאיר'-האנט) א יאגד ביי דער שיין פון פאקעלען; א יאגד מיט פאקעלען, די שיין פון וועלכע ציהט צו די חיות.

fire'-insur'ance *n.* (פאיר'-אינ-שוהר'-ענס) פערזיכערונג געגען פייער, אסעקוראציע.

fire'-insur'ance com'pany (פאיר'-אינ-שוהר'-ענס קאמ'-פע-ני) א פייער=פערזיכערונגס=געזעלשאפט.

• **fire'-i'ron** *n.* (פאיר'-אי'-ערן) דאס פייער=אייזען [דאס שטיקעל אייזען, מיט וועלכען מען ברייננט ארויס פייער, קלאפענדיג עס אן א פייער=שטיין אדער קרעמען]; פייער=געשיר, זאכען, מיט וועלכע מען בענוצט זיך ביים אויווען [ווי קאטשערעס, לאפאטעס, צוואנגען א. ד. ג.].

fire'-kiln *n.* (פאיר'-קיל) א ברען=אויווען.

fire'-lad'der *n.* (פאיר'-לעד'-ער) א פייער=לייטער. ז. *fire-escape*.

fire'less *a.* (פאיר'-לעס) אהן פייער.

fire'-lock *n.* (פאיר'-לאק) ז. *flint-lock*.

fire'-mace *n.* (פאיר'-מיים) א מין באמבע, וועלכע מען פלעגט אין די אמאליגע צייטען געברויכען אין קריעג.

fire'-main *n.* (פאיר'-מיין) א וואסער=רינע, א וואסער=ראהר וואס מען געברויכט בעת א פייער.

fire'man *n.* (פאיר'-מען) א פייער=לעשער, א מיטגליעד פון א פייער=בריגאדע; א מיטגליעד פון א פייער=פערזיכערונגס=געזעלשאפט; אין קויהלען=גרובען — איינער וועמענס אויפגאבע עס איז צו אונטערזוכען יעדען פריהמארגען, אויב עס איז ערגעץ ניט אנגעזאמעלט קויהלען=גאז. ז. *fire-damp*.

fire'-mas'ter *n.* (פאיר'-מעס'-טער) אן אויבער=פייערווערקער [ביי הארמאטען]; אין ענגלאנד — דער הויפט פון א פייער=בריגאדע.

fire'-new *a.* (פאיר'-ניו) ניר=וואס ארויס פון דעם שמיעד'ס הענד; שפאגעל=ניי. ז. *brand-new*.

fire'-o'pal *n.* (פאיר'-או'-פעל) דער פייער=אפאל, א בלויליך ווייסער אפאל [עדעל=שטיין] מיט א רויטליכען אבגלאנץ. ז. *girasol*.

fire'-or'deal *n.* (פאיר'-אהר'-די-על) די פייער=פראבע [א מנהג אין די אלטע צייטען און אויך יעצט ביי פיעלע ווילדע שבטים אויסצוגעפינען אימעצענס שולד דורך דעם וואס מען צווינגט איהם צו האלטען אין די הענד נעגליהטע שטיקער אייזען אדער געהן בארוויסערהייד אויף אזא אייזען].

fire'-pan *n.* (פאיר'-פען) א פייער=פאן, א פייער=טאפ; אין א שיס=געוועהר — דער פלאץ, וואו עס לעגט זיך אריין דער פולווער.

fire'-pa'pers *n.* (פאיר'-פיי'-פערן) פאפיערענע בעציערונגען איבער'ן קאמין.

fire'place *n.* (פאיר'-פליים) א קאמין.

fire'-plug *n.* (פאיר'-פלאג) דער נאסען=וואסער=קראן [צו וועלכען מען שרויפט צו די וואסער=קישקע פון א לעש=מאשין ביים לעשען א פייער].

fire'-pol'icy *n.* (פאיר'-פאל'-אי-סי) א פייער=פערזיכערונגס=פאליסי [א דאקומענט וואס א פייער=פערזיכערונגס=געזעלשאפט גיט ארויס איינעם, וועלכער האט ביי איהר פערזיכערט זיין אייגענטום].

fire'-pot *n.* (פאיר'-פאט) א כלי מיט עקספלאדירענדע שטאפען, א מין באמבע וואס מען פלעגט אין די אמאליגע צייטען געברויכען אין קריעג; דער פלאץ אין אויווען וואו עס ליעגט דאס פייער; א לייט=אויווען; א שמעלץ=טיגעל.

fire'proof *v.* (פאיר'-פרוהף) מאכען פייער=זיכער; מאכען, עס זאל ניט קענען ברענען.

fire'-proof *a.* (פאיר'-פרוהף) פייער=פעסט, פייער=זיכער [וואס קען ניט ברענען].

fire'proofing *n.* (פאיר'-פרוהפ-אינג) דאס מאכען פייער=זיכער [אז עס זאל ניט קענען ברענען]; די שטאפען וועלכע מאכען עפעס פייער=זיכער.

fire'-quar'ters *n.* (פאיר'-קהוואהר'-טערז) די פלעצער וואס עס פערנעהמט די פייער=בריגאדע אדער בכלל די אנגעשטעלטע אויף א שיף, ווען עס ווערט געגעבען א פייער=אלארם.

fir'er *n.* (פאיר'-ער) אן אונטערצינדער.

fire'-raft *n.* (פאיר'-רעפט) א פייער=פליטע [אן אנגעצונדענע האלץ=פליטע מיט עקספלאדירענדע שטאפען, וועלכע מען לאזט אוועק צווישען דעם שונא'ס שיפען, אום זיי צו פערניכטען].

fire'-rai'sing *n.* (פאיר'-ריי'-זינג) אונטערצינדונג.

fire'-reg'ulator *n.* (פאיר'-רעג'-יו-ליי-טאר) א פייער=רעגולאטאר [א פארריכטונג אין אויווענס אויטאמאטיש צו רעגולירען די טעמפעראטור].

fire'-roll *n.* (פאיר'-ראול) א פייער=אלארם=סיגנאל אויף שיפען דורך פויקען.

fire'-room *n.* (פאיר'-רוהם) א קעמערעל פאר דעם אויווען פון א מאשין=קעסעל אויף א שיף, וואו מען האלט די קויהלען.

fire'-screen *n.* (פאיר'-סקריען) א פייער=שירם [א דראט=געפלעכט פאר אן אויווען].

fire'-set *n.* (פאיר'-סעט) א גאנג פייער=געשיר [ווי א קאטשערע, אייזען=שטאנג, צוואנגען א. ז. וו.].

fire'-shield *n.* (פאיר'-שיעלד) א פארריכטונג ביי א הייץ=מאשין צו האלטען דעם פלאץ קיהל.

fire'-ship *n.* (פאיר'-שיפ) א בראנד=שיף [אנגעפילט מיט עקספלאדירענדע שטאפען און געברויכט אום אונטערצוצינדען דעם שונא'ס שיפען].

fire'side *n. and a.* (פאיר'-סאיד) דער פייער=ווינקעל, דער קאמין; די היים, דער אייגענער ווינקעל; וואס איז שייך צום פלאץ ביים קאמין אדער. צו דער היים; היימיש, היימליך.

fire'-spir'it *n.* (פאיר'-ספיר'-איט) די גאטהייט פון פייער; דאס פערזאניפיצירטע פייער.

fire'-steel *n.* (פאיר'-סטיעל) א שטייקעל שטאהל, מיט וועלכען מען שלאגט אויס פייער פון א פייער=שטיין [קרעמען].

fire'-stick *n.* (פאיר'-סטיק) א האלצוועשקע; א שטיק האלץ וואס מען רייבט אן א צווייטען שטיק, אום ארויסצוברייננגען פייער [ביי ווילדע].

fire'-stone *n.* (פאיר'-סטאון) פייער=שטיין, קרעמען; זאמד=שטיין [געברויכט פאר אויווענס]; שוועבעל=שטיין; אזא אויפרייסענדער שטאף.

fire'-tel'egraph *n.* (פאיר'-טעל'-אי-גרעף) א פייער=טעלעגראף [צו געבען פייער סיגנאלען דורך ספעציעלע סיגנאל=קעסטלעך וואס געפינען זיך אין פערשיעדענע טיילען פון שטאדט].

fire'-tow'er *n.* (פאיר'-טאו'-ער) א פייער=טורם [פון וועלכען מען גיט א פייער=אלארם]; א לייכט=טורם.

fire'-trap *n.* (פאיר'-טרעפ) א פייער=פאסטקע [א געביידע אדער פלאץ, פון וואנען עס איז זיך שווער צו ראטעווען בעת א פייער, הויפטזעכליך אזא פלאץ וואס קען זיך לייכט אנצינדען און פערברענט ווערען].

fire'-war'den *n.* (פאיר'-וואהר'-דען) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג, אז מען זאל ניט איבערטרעטען די געזעצען וועגען פייער=געפאהר אין די געגענדען וואו עס זיינען פאראן וועלדער; דער הויפט פון א פייער=בריגאדע.

fire'-wa'ter *n.* (פאיר'-וואה'-טער) בראנפען [אן אויסדרוק געברויכט ביי די אינדיאנער].

fire'-weed *n.* (פאיר'-וויעד) דאס אמעריקאנער קרייץ=קרויט.

fire'-wood *n.* (פאיר'-וואוד) ברען=האלץ, הייץ=האלץ.

fire'work *n.* (פאיר'-וואירק) פייער=ווערק.

fire'-worm *n.* (פאיר'-וואירם) א גליה=ווארים.

fire'-wor'ship *n.* (פאיר'-וואיר'-שיפ) פייער=פערגעטערונג, דאס דיענען צום פייער.

fire'-wor'shiper *n.* (פאיר'-וואיר'-שיפ-ער) א פייער=פערגעטערער.

fir'ing *n.* (פאיר'-אינג) הייץ=מאטעריאל; דאס ברענען, דאס בראטען, דאס באקען; דאס שיסען, שיסעריי; דאס אויסברענען [אלס הייל=מיטעל]; דאס קלינגען אין אלע גלעקער.

fir'ing-i'ron *n.* (פאיר'-אינג-אי'-ערן) א ברען=אייזען.

fir'ing-machine' *n.* (פאיר'-אינג-מע-שין') א פארריכטונג אנצושיטען קויהלען אין א מאשין=אויווען.

fir'ing-par'ty *n.* (פאיר'-אינג-פאר'-טי) א קאמפאניע סאלדאטען אדער מאטראזען וואס שיסען אויף א קבר לכבוד פון דעם בעערדיגטען אדער וואס דערשיסען א פעראורטיילטען צום טויט.

fir'ing-point *n.* (פאיר'-אינג-פאינט) טעמפעראטור, ביי וועלכער א שטאף צינדט זיך אן אדער עקספלאדירט.

firk *n.* (פוירק) א קלאפ.

fir'kin *n.* (פויר'-קין) א קליין פעסעל; א פיערטעל פאס [א מאס וואס האלט 9 טעפ].

firm *a. and n.* (פוירם) פעסט, שטארק, הארט; שטאנדהאפט; א פירמע, א געשעפטס=פירמע.

fir'mament *n.* (פויר'-מע-מענט) דער הימעלס=געוועלב, דער הימעל.

firmamen'tal *a.* (פויר-מע-מענ'-טעל) וואס געהערט צום הימעלס=געוועלב; וואס איז פון די העכערע רעגיאנען.

fir'man *n.* (פויר'-מען) א דעקרעט, בעפעהל אדער ערלויבניס פון טערקישען סולטאן אדער פון אן אנדער אריענטאלישען הערשער.

firm at'titude (פוירם עט'-אי-טיוד) א פעסטע שטעלונג.

The officers of the law must take a firm attitude against the law breakers.

firm'-foot'ed *a.* (פוירמ'-פוט'-עד)

וואס האט א גאנצע, ניט קיין געשפּאלטענע קאפיטע [ווי א פערד].

firm'ly *adv.* (פוירמ'-לי) מיט פעסטקייט; מיט שטאנדהאפטיגקייט; מיט זיכערהייט, מיט געוויסהייט; מיט ענטשלאָסענהייט.

firm'-name *n.* (פוירמ'-ניים) דער נאמען פון א געשעפטס=פירמע.

firm'ness *n.* (פוירמ'-נעס) פעסטקייט; שטארקייט; געוויסהייט; שטאנדהאפטיגקייט.

first *a., adv. and n.* (פוירסט) ערשט; אלס ערשטער; ערשטענס; צוערשט; פריהער; דער ערשטער; דער אנפאנג; אין מוזיק — די ערשטע, לייטענדע שטימע אדער אינסטרומענט אין א כאר אדער ארקעסטער [ווי די ערשטע פיעדעל].

first a'gent (פוירסט איי'-דזשענט) דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען; אזעלכעס וואס איז ניט קיין פראדוקט פון עטוואס אנדערעס.

first aid (פוירסט אייד) די ערשטע, באלדיגע, מעדיציניש הילף וואס ווערט געגעבען א פערוואונדעטען.

first and last (פוירסט ענד לעסט) ארום און ארום.
He lives here **first and last** about 3 years.

first'-begot'ten *n. and a.* (פוירסט'-בי-גאט'ן) א בכור; וואס איז געבארען צוערשט; וועלכער איז א בכור.

first blush (פוירסט בלאש) דער ערשטער איינדרוק, דער ערשטער אנבליק.

first'-born *a. and n.* (פוירסט'-בארן) וואס איז צום ערשטען געבארען; דער עלטעסטער, דער בכור.

first cause (פוירסט קאהז) אזעלכעס וואס איז ניט קיין פראדוקט פון עטוואס אנדערעס [ווי אדם הראשון, וועלכער איז ניט געבארען פון אן אנדער מענשען]; דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען; די סבת כל הסבות.

first chop (פוירסט טשאפ) ערשט=קלאסיג, פון ערשטען בעסטען זארט.

first'-class *a.* (פוירסט'-קלעס) ערשט=קלאסיג, פון העכסטען ראנג, פון בעסטען זארט.

first'-class mat'ter (פוירסט'-קלעס מעט'-ער) פאסט=זאכען פון ערשטען קלאס [געשריבענע אדער פערזיגעלטע, ווי בריעף א. ז. וו.].

first come, first served (פוירסט קאם, פוירסט סוירווד) ווער עס קומט פריהער, דער מאהלט פריהער.

first cost (פוירסט קאסט) קאסטען=פרייז, איינקויפס=פרייז.

first cous'in (פוירסט קאזן) א שוועסטער=קינד [א שני בשני].

First'-day *n.* (פוירסט'-דיי) זונטאג.

first dig'it (פוירסט דידזש'-איט) דער גראבער פוס=פינגער.

first'-fruit *n.* (פוירסט'-פרוהט) די ערשטע פרוכט [בכורים, וועלכע אידען פלעגען אמאל ברייגגען אלס א קרבן פאר גאט]; דער ערשטער פערדיענסט; דער ערשטער פראדוקט.

first good (פוירסט גוד) דאס העכסטע גוטס; דאס ענד=ציעל.

first'-hand *n. and a.* (פוירסט'-הענד) די ערשטע האנד, די ערשטע קוועלע; פון דער ערשטער האנד, פון דער ערשטער קוועלע.

first in the field (פוירסט אין טהי פיעלד) דער ערשטער, דער ערשטער אויף'ן פלאץ.

first'ling *n. and a.* (פוירסט'-לינג) א ערשטלינג [אין בעציהונג אויף חיות]; וואס איז צוערשט געשאפען געווארען.

first'ly *adv.* (פוירסט'-לי) ערשטענס, ראשית.

first mate (פוירסט מייט) דער ערשטער שטורמאן אויף א שיף.

first merid'ian (פוירסט מי-ריד'-אי-ען) דער ערשטער מערידיאן [די ערשטע לענג=ליניע פון ערד=קוגעל פון וועלכער מען רעכענט אין געאגראפיע די לענג פון דער ערד. דער ערשטער מערידיאן איז, לויט ווי עס איז אנגענומען געווארען, אין גרינוויטש, א שטאדט ניט ווייט פון לאנדאן].

first of'ficer (פוירסט אפ'-איס-ער) דער ערשטער אפיציער נאך דעם שיפס=קאפיטאן.

first prin'ciple (פוירסט פרינ'-סיפל) דער ערשטער פרינציפ, דער הויפט=פרינציפ [א פרינציפ וועלכער איז ניט ארויסגעדרונגען פון אנדערע, נאר איז דער יסוד פאר אנדערע פרינציפען].

first qual'ity (פוירסט קהוואל'-אי-טי) דער בעסטער זארט, דאס בעסטע וואס איז איז נור פאראן.

first'-rate *a. and n.* (פוירסט'-רייט) פון בעסטען זארט; ערשט=קלאסיג; אויסגעצייכענט; עטוואס וואס איז ערשט=קלאסיג.

first tier (פוירסט טיער) די ערשטע רייה פון די לאזשעס אין טעאטער.

firth *n.* (פוירטה) ז. ***frith***.

fir'-tree *n.* (פויר'-טריע) א טאנענבוים, א סאסנע.

fir'-wood *n.* (פויר'-הוואוד) טאנענהאלץ.

fisc *n.* (פיסק) דער שטאאטס=שאץ, קאזנא.

fis'cal *a. and n.* (פיס'-קעל) וואס איז שייך צו קאזנא אדער די פינאנסען פון דער רעגיערונג; קאזיאנע; אין אייניגע מלוכות — א שטאאטס=שאצמייסטער אדער קאזנאטשיי; אין שפאניען און פארטוגאל — דער גענעראל=פראקוראר; א פראקוראר; דער באלאבאן [א מין אפריקאנישער פאלק=פויגעל].

fis'cal year (פיס'-קעל יי'ר) דאס פיסקאל=יאהר [די בעשטימטע צייט ווען עס פאנגען זיך אן און ענדיגען זיך די יעהרליכע רעכנונגען פון אן אונטערנעהמונג אדער פון א רעגיערונג].

fish *n. and v.* (פיש) א פיש; יעדע חיה אדער בעשעפעניש וואס לעבט אין וואסער; אין שיף=בויאונג — א לאנגער קלאץ אדער אייזען, וועלכער פערשטארקט א צוזאמענגעשטעלטען מאסט; ביי סטאליארעס — א שטיק האלץ אדער לייסט וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף אן אנדערען עס צו פערשטארקען; דער מזל "דגים"; א מארקע [א קליינע קופערנע מטבע אין געוויסע שפּיעלען]; כאפּען פיש; פאנגען; זוכען צו פאנגען; זוכען; זיך יאגען נאך עפּעס; ארויפציהען דעם אנקער פון א שיף; בעפעסטיגען די מאסטען פון א שיף.

fish'-bait *n.* (פיש'-בייט) ווערים, פליגען א. ד. ג. וואס מען שטעקט אן אויף א האטשיק צו כאפּען פיש.

fish'-ball *n.* (פיש'-באהל) א געקאכט פיש=קניידעל.

fish'-bas'ket *n.* (פיש'-בעס'-קעט) א פיש=קארב.

fish'-bel'lied *a.* (פיש'-בעל'-איד) וואס האט די פארם פון דעם בויך פון א פיש; קאנקאוו; אויפגעבלאזען.

fish'-bel'lied rail (פיש'-בעל'-איד רייל) א רעלסע אדער שינע, וועלכע איז אין מיטען דיקער און האלב=רונד ווי א בויך פון א פיש.

fish'-bone *n.* (פיש'-באון) פיש=ביין.

fish'-cake *n.* (פיש'-קייק) ז. ***fish-ball***.

fish'-car'ver *n.* (פיש'-קאר'-ווער) א מין ברייט מעסער, מיט וועלכען מען שניידט פאנאנדער און מען טיילט אויס געקאכטע פיש.

Fish Commis'sion (פיש קא-מיש'-אן) א קאמיסיע אדער ביורא פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער פראגע וועגען פיש און פישערייען פון לאנד. זי האט אונטער איהר אויפזיכט דאס שטודירען די געוועהנהייטען פון פיש, ווען מען קען זיי פאנגען און וועלכע פון זיי טויגען צום עסען [פיעלע בעזונדערע שטאאטען האבען אויך זייערע קאמיסיעס בנוגע צו די פיש און פישערייען פון דעם שטאאט].

fish'-crow *n.* (פיש'-קראו) א קראהע אדער וואראנע, וועלכע עסט מייסטענס פיש [האלט זיך אויף נעבען די אטלאנטישע ברעגען פון אמעריקא].

fish'-cul'ture *n.* (פיש'-קאל'-טשור) דאס קולטיווירען אדער האדעווען פיש.

fish'-day *n.* (פיש'-דיי) דער טאג ווען דער מנהג אדער דער דין ערלויבט צו עסען נור פיש און ניט קיין פליישיגע מאכלים [ווי אין געוויסע פאסט=טעג ביי די קריסטען].

fish'-ea'gle *n.* (פיש'-איגל) דער אדלער וואס לעבט ביים ברעג ים און ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'er *n.* (פיש'-ער) א פישער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט כאפען פיש; א מין מארדער [א קליין חיה'לע עטוואס גרעסער פון א טכויר אדער שעשקע. איהר פעל איז זעהר טייער].

fish'er-boat *n.* (פיש'-ער-באוט) א פישער=שיפעל.

fish'erman *n.* (פיש'-ער-מען) א פישער; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט כאפען פיש; א פישער=שיף; א מין קאטשקע אדער ענטעל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'ery *n.* (פיש'-ער-אי) פישעריי, פיש=פאנג; אן ארט פון פיש=פאנג; דאס רעכט צו כאפען פיש אין געוויסע וואסערען.

fish'-fag *n.* (פיש'-פעג) א פרויענצימער וואס האנדעלט מיט פיש.

fish'-fly *n.* (פיש'-פלאי) א פיש=פליג [א נאכגעמאכטע פליג מיט וועלכער מען כאפט פיש].

fish for com'pliments (פיש פאר קאמ'-פלי-מענטס) זוכען קאמפּלימענטען.

fish'gig *n.* (פיש'-גיג) א שטאנג מיט שפּיצען אדער צייהגער צו כאפען פיש.

fish'-glue *n.* (פיש'-גלוה) פיש=קליי.

fish'-hawk *n.* (פיש'-האהק) א פאלק אדער סאקאל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'-hook *n.* (פיש'-הוק) א האטשעק אדער קרוטשאק צום כאפען פיש.

fish'ify *v.* (פיש'-אי-פאי) מאכען פארעווע [מאכען פון פלייש פיש].

fish'ily *adv.* (פיש'-אי-לי) מיט דעם געשמאק אדער גערוך פון פיש.

fish'iness *n.* (פיש'-אי-נעס) דאס האבען די איינענשאפטען אדער פארמען פון א פיש.

fish'ing *n.* (פיש'-אינג) דאס פישען, דאס כאפען פיש; א פישעריי, דער ארט וואו מען כאפט פיש.

fish'ing-boat *n.* (פיש'-אינג-באוט) א פישער=שיפעל.

NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES
נאָרד־אמעריקאנישע שפייז־פיש און פאנג־פיש



fish'ing-line *n.* (פיש'-אינג-לאין) א פישער-שנור [א שנור מיט א האטשעק און אנגעטשעפעטען ווארים צו כאפען פיש].

fish'ing-place *n.* (פיש'-אינג-פלייס) א פישעריי [אן ארט צום פישען].

fish'ing-punt *n.* (פיש'-אינג-פאנט) א פישער-שיף.

fish'ing-tack'le *n.* (פיש'-אינג-טעקל) די אויסשטאטונג פון א פישער [אלע אינסטרומענטען, וועלכע זיינען איהם נויטיג צו כאפען פיש].

fish in the air (פיש אין טהי עהר) זיך ארומדרעהען און גאר נישט טהאן.

fish in troubled wa'ters (פיש אין טראבלד הוואה'-טערז) כאפען פיש אין מוטנעם וואסער.

fish'-joint *n.* (פיש'-דזשאינט) א רעלסען-פערבינדונג, ביי וועלכער די פערבינדונגס-פלאטען זיינען אביסעל רונד אויסגעבויגען [ווי די פלאכע רונדקייט פון א פיש].

fish'-ket'tle *n.* (פיש'-קעטל) א פיש-קעסעל [א קעסעל צו קאכען פיש].

fish'-knife *n.* (פיש'-נאיף) ז. *fish-carver*.

fish'like *a.* (פיש'-לאיק) ווי א פיש; עהנליך צו א פיש.

fish'-mar'ket *n.* (פיש'-מאר'-קעט) א פיש-מארק.

fish'-maw *n.* (פיש'-מאה) דער בלאז אדער פענכער פון א פיש.

fish'-meal *n.* (פיש'-מיעל) פיש-שפייז, א פיש-געריכט.

fish'monger *n.* (פיש'-מאנ-גער) א פיש-הענדלער.

fish out (פיש אוט) אויספארשען, אויסזוכען; אויסלעדיגען פון פיש [א טייך]; ארויסשלעפען, ארויסקריעגען.

fish'-owl *n.* (פיש'-אול) א נאכט-איילע [סאווא] וואס עסט פיש.

fish'-pack'ing *n.* (פיש'-פעק'-אינג) דאס קאנזערווירען פיש [דאס רייניגען זיי, אויפשניידען, אבוועגען און אויסלעגען אין בלעכענע קעסטלעך און פערחתמ'ענען די קעסטלעך אזוי, אז קיין לופט זאל צו זיי ניט צוקומען].

fish'-pond *n.* (פיש'-פאנד) א טייכעל אדער סאזשעלקע, וואו פיש האלטען זיך.

fish'-skin *n.* (פיש'-סקין) פיש-הויט; די פעל פון א היי-פיש [אקולע].

fish'-skin disease' (פיש'-סקין די-זיעז') אזא הויט-קראנקהייט וואס די הויט זעהט אוים ווי שופען.

fish'-slice *n.* (פיש'-סלאיס) א פיש-מעסער. ז. *fish-carver*.

fish'-spear *n.* (פיש'-ספיער) א פיקע אדער שפיעז צו שטעכען און ארויסציהען פיש פון אונטער'ן אייז.

fish'-sto'ry *n.* (פיש'-סטאו'-רי) א פאנטאסטישע אדער ליגנערישע געשיכטע.

fish'-tack'le *n.* (פיש'-טעקל) אזא אייזערנער בלאק אדער הויב-מאשין מיט וועלכער מען הויבט אויף אן אנקער אויף א שיף.

fish'-tail *a. and n.* (פיש'-טייל) וואס איז עהנליך צום עק פון א פיש; דער עק פון א פיש; א מין אינזעקט.

fish'-tail bur'ner (פיש'-טייל בויר'-נער) א גאז-ברענער, פון וועלכען דער פלאם געהט ארויס אין דער פארם פון אן עק פון א פיש.

fish'-torpe'do *n.* (פיש'-טאר-פי'-דאו) א טארפעדא אדער א מינע וואס שווימט אליין אונטער'ן וואסער דורך א געוויסען מעכאניזם; א באמבע וואס מען רייסט אויף אונטער'ן וואסער צו טויטען פיש.

fish'-trap *n.* (פיש'-טרעפ) א פאסטקע צו כאפען פיש.

fish'-trow'el *n.* (פיש'-טראו'-על) ז. *fish-carver*.

fish'-ward *n.* (פיש'-הוואהרד) ז. *fish-warden*.

fish'-war'den *n.* (פיש'-הוואהר'דן) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג מען זאל ניט איבערטרעטען די געזעצע בנוגע צו פיש-פאנג.

fish'wife *n.* (פיש'-הוואיף) ז. *fishwoman*.

fish'woman *n.* (פיש'-הוואומ-ען) א פיש-הענדלערקע, א פישערקע; א מארק-פרוי.

fish'y *a.* (פיש'-אי) פיש-ארטיג; רייך אין פיש; איבערטריבען, אונגלויבליך [ווי די מעשיות פון די פישער]; טונקעל, אהן אויסדרוק [ווי דאס אויג פון א פיש]; ניט בעשטענדיג.

fis'sate *a.* (פיס'-אייט) געשפאלטען, צושפאלטען; אין ענטאמאלאגיע — צוטיילט אדער צושפאלטען אין צוויי טיילען.

fis'sile *a.* (פיס'-איל) וואס קען צוטיילט אדער צושפאלטען ווערען, וואס קען צוטיילט ווערען אין שיכטען [ווענען בוימער אדער מינעראלען]; אין ענטאמאלאגיע — וואס בעשטעהט פון שופען, וועלכע מען קען פאנאנדערשפרייטען.

fissilin'gual *a.* (פיס-אי-לינ'-גהוועל) וואס האט א צושפאלטענעם אדער געטיילטען צונג [ווענען עקדישען].

fissil'ity *n.* (פי-סיל'-אי-טי) טיילבארקייט, שפאלטבארקייט, וואס בעשטעהט פון שיכטען.

fis'sion *n.* (פיש'-אן) טיילונג, שפאלטונג; אין ביאלאגיע — די אויטאמאטישע שפאלטונג אדער טיילונג פון צעלען אדער ארגאניזמען אין נייע צעלען אדער ארגאניזמען [געוויסע נידריגע בעשעפענישען פערמעהרען זיך און פרוכפערען זיך דורך דעם וואס זיי שפאלטען זיך].

fissip'ara *n.* (פי-סיפ'-ע-רא) בעשעפענישען, וועלכע פערמעהרען זיך דורך שפאלטען זיך אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג.

fissip'arism *n.* (פי-סיפ'-ע-ריזם) אין ביאלאגיע — דאס פערמעהרען זיך דורך זעלבסט-פאנאנדערטיילונג אדער אבשפאלטונג.

fissipar'ity *n.* (פיס-אי-פער'-אי-טי) ז. *fissiparism*.

fissip'arous *a.* (פי-סיפ'-ע-ראס) אין ביאלאגיע — וואס פערמעהרט זיך דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג.

fissip'arously *adv.* (פי-סיפ'-ע-ראס-לי) דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט-פאנאנדערטיילונג [ווענען דעם אופן ווי אזוי געוויסע בעשעפענישען פערמעהרען זיך].

fis'siped *n. and a.* (פיס'-אי-פעד) וואס האט געשפאלטענע קלויען; א בהמה מיט צושפאלטענע קלויען [מפרים פרסה].

fis'sipedal *a.* (פיס'-אי-פעד-על) וואס האט צושפאלטענע קלויען.

fis'sipede *a. and n.* (פיס'-אי-פיד) וואס האט צושפאלטענע קלויען; א חיה מיט צושפאלטענע קלויען.

fissiros'tral *a.* (פיס-אי-ראס'-טרעל) וואס האט א טיעף און ברייט פאנאדערגעשפאלטענעם שנאבעל [ווי א שוואלב].

fis'sive *a.* (פיס'-איוו) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון פאנאנדערטיילען זיך [ווענען צעלען אדער ארגאניזמען].

fis'sural *a.* (פיש'-יור-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א שפאלט, א קארב, א פערטיעפונג [ווי למשל, די פערטיעפונגען אין מארך].

fissura'tion *n.* (פיש-יו-ריי'-שאן) טיילונג, שפאלטונג, קארבונג, פערטיעפונג; אין ביאלאגיע — אן אויטאמאטישע פאנאנדערטיילונג פון צעלען און ארגאניזמען [פערמעהרונג דורך שפאלטען זיך אדער פאנאנדערטיילען זיך].

fis'sure *n. and v.* (פיש'-יור) א שפאלט [ווי אין א פעלז]; אין אנאטאמיע — א פערטיעפונג, א פאנאנדערטיילונג, א קארב [ווי למשל, אין מארך]; צושפאלטען; פאנאנדערטיילען.

fis'sured *a.* (פיש'-יורד) צושפאלטען, פאנאנדערגעטיילט.

fis'sureless *a.* (פיש'-יור-לעס) אהן שפאלטען, אהן פערטיעפונגען; אהן פאנאנדערטיילונגען.

fis'sure-nee'dle *n.* (פיש'-יור-ניעדל) אן אינסטרומענט צו פערנעהען וואונדען.

fist *n. and v.* (פיסט) א פויסט, א קולאק; אזא רעגען-שוועמעל; א טפח [א לענגען-מאס פון אונגעפעהר פיער צאל]; שלאגען מיט די פויסטען; פערקוועטשען אין פויסט.

fist'-ball *n.* (פיסט'-באהל) א רעגען-שוועמעל.

fis'ted *a.* (פיס'-טעד) וואס פערמאגט געזונדע פויסטען.

fist'ful *n.* (פיסט'-פול) א זשמעניע, א הויפען.

fis'tic *a.* (פיס'-טיק) וואס איז שייך צום פויסטען-קאמפף.

fis'ticuffer *n.* (פיס'-טי-קאפ-ער) א פויסטען-קעמפפער [באקסער].

fis'ticuffing *n.* (פיס'-טי-קאפ-אינג) פויסטען-קאמפף [באקס].

fis'ticuffs *n.* (פיס'-טי-קאפס) א פויסטען-קאמפף; פויסטען-קלעפ.

fis'tinut *n.* (פיס'-טי-נאט) פיסטאשקעס [אזא זארט ניסלעך].

fistu'ca *n.* (פיס-טיו'-קא) א באבא [א שטיק אייזען, מיט וועלכען מען שלאגט אריין קלעצער אין דער ערד].

fis'tula *n.* (פיס'-טשו-לא) א פיסטעל [א קאנאל-פערמיגע עפענונג פון א געשוויר].

fis'tular *a.* (פיס'-טשו-לאר) ז. *fistulous*.

fis'tulate *v. and a.* (פיס'-טשו-לייט) אננעהמען די פארם פון א פיסטעל; אויסגעהוילט ווי א רעהר. ז. *fistula*.

fis'tulose *a.* (פיס'-טשו-לאוס) ז. *fistulous*.

fis'tulous *a.* (פיס'-טשו-לאס) אויסגעהוילט ווי א רעהר; עהנליך צו א פיסטעל. ז. *fistula*.

fist'wise *a.* (פיסט'-הוואיז) פויסט-פערמיג.

fit *n., v. and a.* (פיט) צופאסונג; דאס פאסען; אויסשטאטונג; אן אנפאל פון עפילעפסיע; ספאזמען; א פלעצליכער צייטווייליגער אנפאל פון א קראנקהייט; א פאראקסיזם; א פלעצליכער, שנעל-איבערגעהענדער אויסברוך פון א געפיהל אדער שטימונג [מעהרסטענטייל א זעהר שטארקער אויסברוך]; א קאפריז; א

קאפריזנע, אונטערבראכענע אדער ניט רעגעלמעסיגע טהעטיגקייט אדער בעוועגונג; דער טייל פון דער אקס, אויף וועלכער עס דרעהט זיך די ראד; זייף אין א פליסיגען צושטאנד [איידער זי ווערט אבגעקיהלט]; א ליעד, א באלאדע, א געשיכטע; א טייל פון א ליעד, באלאדע אדער געשיכטע; א שריט; צופאסען; מאכען עס זאל פאסען; אויסשטאטען, צוגרייטען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, פאר א רייזע]; זיין צוגעפאסט; פאסען; זיין ווי אנגעמאסטען; צוגעפאסט, פאסיג; צוגעגרייט, פארטיג; וואס געפינט זיך אין א גוטען צושטאנד, גוט פארבערייטעט [וועגען וועט=לויף=פערד]; אין א גוטען געזונדם=צושטאנד.

fitch *n. and v.* (פיטש) וויקע [א מין ארבעס געברויכט צו האדעווען בהמות]; טכוירען=פוטער; א בערשטעל אדער פינזעל געמאכט פון טכוירען=האר; צופעסטיגען.

fitch'-brush *n.* (פיטש'-בראש) א בערשטעל אדער פינזעל געמאכט פון טכוירען=האר.

fitch'et *n.* (פיטש'-עט) ז. *fitchew*.

fitch'ew *n.* (פיטש'-או) א טכויר, א שעשקע.

fitch'y *a.* (פיטש'-אי) שפיציג; בעדעקט מיט וויקע [אזא ארבעס].

fit for (פיט פאר) 1. זיך פאסען; 2. טויגען.

1. The dinner is fit for a king. 2. He is not fit for the work.

fit for ac'tion (פיט פאר עק'-שאן) פאסיג אדער פעהיג צו דער ארבייט; פארטיג אדער אויסגעשטאטעט פאר א טהעטיגקייט.

fit for ser'vice (פיט פאר סויר'-ווים) דיענסט=פעהיג.

fit for the dust'-hole (פיט פאר טהי דאסט'-האול) טויג צו גארניט; שמוציג.

fit'ful *a.* (פיט'-פול) אונרעגעלמעסיג, וואס קומט פאר מיט אונטערברעכונגען, אונבעשטענדיג, קאפריזנע.

fit'fully *adv.* (פיט'-פול-אי) מיט אונטערברעכונגען; אויף אן אונרעגעלמעסיגען, אונבעשטענדיגען אדער קאפריזנעם שטייגער.

fit'fulness *n.* (פיט'-פול-נעס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאפריזנעקייט.

fit in'to (פיט אינ'-טו) זיך צופאסען, זיך אריינפאסען, הארמאנירען.

fit'ly *a.* (פיט'-לי) פאסענד, צוגעפאסט; ווי עס פאסט; בעקוועם.

fit'ment *n.* (פיט'-מענט) אויסשטאטונג, דאס בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, צו א רייזע]; דאס וואס עס פאסט זיך אדער וואס איז נויטיג פאר א געוויסען צוועק.

fit'ness *n.* (פיט'-נעס) פאסינגקייט, צוגעפאסטקייט, אנגעמאסטענקייט, צוזאמענפאסינגקייט.

fit of the face (פיט אוו טהי פיים) א גרימאסע.

fit one's self (פיט הוואנז סעלף) זיך צוגרייטען, זיך פארטיג מאכען.

fit out (פיט אוט) אויסשטאטען, פארטיג מאכען, בעזארגען מיט אלעם נויטיגען [ווי למשל, צו א רייזע].

fits and starts (פיטס ענד סטארטס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאפריזנעקייט; דאס אבשטעלען זיך אלע מאל, דאס ווערען אונטערבראכען יעדע ווייל.

fits of laugh'ter (פיטס אוו לאפ'-טער) שטארקער געלעכטער.

fits of the sea'son (פיטס אוו טהי סיע'זן) פלעצליכע ענדערונגען פון וועטער.

fit'ted *a.* (פיט'-עד) פאסענד, צוגעפאסט, וואס טויג.

fit'tedness *n.* (פיט'-עד-נעס) טויגליכקייט, צוגעפאסטקייט.

fit'ter *n.* (פיט'-ער) איינער וואס פאסט צו, פארטיגט צו אדער שטאטעט אוים; איינער וואס שטעלט צוזאמען די טיילען פון א מאשין; איינער וואס מאכט אדער פעררירכט פערשיעדענע אויסשטאטונגען אדער אויסריכטונגען; אן אנפאסער.

fit'ting *n. and a.* (פיט'-אינג) אויסשטאטונג אדער אויסריכטונג; פאסיג, פאסענד, טויגליך.

fit'tingly *adv.* (פיט'-אינג-לי) אויף א פאסיגען, צוגעפאסטען אדער טויגליכען שטייגער.

fit'tingness *n.* (פיט'-אינג-נעס) פאסיגקייט, צוגעפאסטקייט, טויגליכקייט.

fit'tings *n.* (פיט'-אינגז) אויסריכטונגען, אויסשטאטונגען.

fit'ting-shop *n.* (פיט'-אינג-שאפ) א ווערקשטאט, וואו מען שטעלט צוזאמען מאשינען.

fit up (פיט אפ) אויסריכטען, אויסשטאטען מיט אלעם נויטיגען; בעזארגען א שיף מיט דער נויטיגער צאהל מאטראזען און דיענער.

fit'weed *n.* (פיט'-הוויעד) א מין גראזפלאנצע אויף די וועסט=אינדישע אינזלען [ווערט געברויכט אלס מיטעל צו היסטעריקע].

five *a. and n.* (פאיוו) פינף; א פינפערעל, א פינפטעל [אין קארטען].

five'finger *n.* (פאיוו'-פינ-גער) די פינגערקרויט [א מין פלאנצע מיט פינפעקיגע בלעטער].

five'fingers *n.* (פאיוו'-פינ-גערז) אזא שטערען=פיש; פינף קאזירען אין געוויסע קארטען=שפיעלען.

five'-fin'ger-tied *a.* (פאיוו'-פינ'-גער-טאיד) פערכאפט מיט דער גאנצער לאפע, מיט אלע פינף פינגער.

five'fold *a.* (פאיוו'-פאולד) פינפפאך, פינף מאל אזוי פיעל.

five'pence *n.* (פאיוו'-פענס) פינף ענגלישע פענים [אונגעפעהר 10 אמעריקאנישע סענט].

fives *n.* (פאיווז) אן ארט שפיעל אין פילקעס; ווערטה=פאפירען, וועלכע בריינגען פינף פראצענט; די פינף פינגער; די האנד; דער קולאק; פינפטלעך [אין קארטען].

five sen'ses (פאיוו סענ'-סעז) די פינף חושים [דאס זעהן, דאס הערען, דאס שמעקען, דאס טאפען און דער געשמאק].

five'-square *a.* (פאיוו'-סקהוועהר) וואס האט פינף ווינקלען.

five wits (פאיוו הוויטס) ז. *five senses*.

fix *v. and n.* (פיקס) בעפעסטיגען, פערשטארקען; לעגען אויף עפעס די אויפמערקזאמקייט, אנשטעלען די אויגען; אבשטעלען זיך אויף עפעס; פעסטשטעלען א זאך; מאכען הארט, פערוואנדלען א פליסיגקייט אין א סאלידען קערפער; פערקערפערען, צוגעבען א קאנקרעטע פארם; בעשליסען; מאכען פאר נעווים; בעגרענעצען, בעצייכנען מיט געוויסע גרענעצען; רעגולירען, שטעלען אין א געוויסער ארדנונג; צופאסען, מאכען גינסטיג; זיך אבשטעלען; ווערען פעסט אדער סאליד; א קריטישע לאגע; א שוועריגקייט, א דילעמא.

fix'able *a.* (פיקס'-עבל) וואס קען פעסטגעזעצט אדער בעפעסטיגט ווערען.

fixa'tion *n.* (פיק-סיי'-שאן) די פעסטזעצונג; דאס געדיכט מאכען; דאס ווערען הארט אדער סאליד; בעשטענדיגקייט, שטייפקייט.

fix'ative *a.* (פיקס'-ע-טיוו) וואס דיענט צו מאכען פעסט, געזעצט אדער סאליד.

fix'ature *n.* (פיקס'-ע-טשור) פיקסאטואר, א פאמאדע, מיט וועלכער מען בעשמירט די האר, אז זיי זאלען זיך האלטען אין דעם צושטאנד ווי מען האט זיי פערקעמט.

fixed *a.* (פיקסט) פעסט; בעשטימט; געזעצט; פעסטגעשטעלט; בעשטענדיג; וואס געפינט זיך אין א פעסט=בעשטימטער לאגע; אין זאאלאגיע — וואס קען זיך ניט פרייוויליג בעוועגען, וואס איז איינגעווארצעלט אדער צוגעקלעפט צו א בעשטימטען ארט; אין קאמערץ — וואס דארף בעצאהלט ווערען אין א בעשטימטען טערמין אהן הנחות [וועגען וועקסלען].

fixed air (פיקסט עהר) א גאז וואס בעשטעהט פון קויהלען=זויערע.

fixed fact (פיקסט פעקט) א פאזיטיווער אדער פעסטגעשטעלטער פאקט.

fixed ide'a (פיקסט אי-די'-א) מאנאמאניע אדער אידעע=פיקס [א מין גייסטיגע קראנקהייט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג בעהערשט אין גאנצען דעם מענשען, אזוי, אז וועגען קיין אנדער זאך קען ער ניט דענקען און קיין אנדער זאך קען ער זיך ניט פארשטעלען].

fix'edly *adv.* (פיק'-סעד-לי) אויף א בעשטימטען אדער פעסטגעשטעלטען שטייגער; שטייף, פעסט.

fix'edness *n.* (פיק'-סעד-נעס) פעסטקייט, בעשטענדיגקייט; פעסטגעזעצטקייט.

fixed oils (פיקסט אילז) פעטע אוילען [יעדער אויל וואס לאזט איבער נאך זיך א פלעק, צום אונטערשייד פון עטהעראוילען].

fixed pe'riods (פיקסט פי'-רי-אדז) בעשטימטע צייטען, עפאכען.

fixed pric'es (פיקסט פראיס'-עז) בעשטימטע מקחים.

fixed star *n.* (פיקסט סטאר) אן אונבעוועגליכער שטערען [איינע פון די לייכטענדע הימלישע קערפער, וועלכע זיינען ניט קיין פלאנעטען און ניט קיין קאמעטען].

fix'ing *n.* (פיק'-סינג) דאס פעסטשטעלען; דאס בעשטימען; דאס מאכען שטייף אדער סאליד; דאס בעפעסטינען, דאס פערשטארקען; דאס שטעלען אין ארדנונג; אין פאטאגראפיע — דאס שטעלען א בילד אזוי, אז אויף איהם זאלען די ליכט=שטראהלען מעהר ניט ווירקען.

fix'ings *n.* (פיק'-סינגז) זאכען, וועלכע מען דארף פאנאנדערשטעלען אדער צוזאמענלענען אין א געוויסער ארדנונג.

fix'ity *n.* (פיק'-סי-טי) בעשטענדיגקייט; געדיכטקייט; פעסטגעזעצטקייט, די שטארקייט פון כאראקטער; אין פיזיק — די לאגע אדער די איינענשאפט פון א קערפער, צוליעב וועלכער ער קען זיך ניט אומבייטען אונטער דער ווירקונג פון היץ אדער אנדערע אורזאכען.

fix on (פיקס אן) לעגען די אויפמערקזאמקייט אויף עפעס; אבשטעלען זיך אויף

NATIONAL FLAGS

Argentine Republic (Merchant)

Austria-Hungary (Man-of-War)

Austria-Hungary (Merchant)

Belgium



Cambodia



Canada



Chile

China (Man-of-Wa

Denmark (Man-of-War)

Denmark (Merchant)



Ecuador (Merchant)

Egypt

Greece (Merchant)



Guatemala (Merchant)

Haiti (Merchant)

Holland



Japan (Merchant)



Jewish

Liberia

Mexico (Merchant

Norway (Man-of-War)



Norway (Merchant)



Paraguay (Merchant)

Persia



Russia (Merchant)



Salvador (Merchant)

Santo Domingo (Merchant)

Servia

Sweden (Merchant)

Switzerland

Tripoli

Tunis

נאציאָנאַלע פלאַגען

Bolivia (Merchant)

Brazil


Bulgaria (Merchant)

Burma


China (Merchant)

Colombia (Merchant)

Congo Free State

Costa Rica (Merchant)


France


Germany (Merchant)

Great Britain (Man-of-War)


Great Britain (Merchant)

Honduras


Italy (Man-of-War)


Italy (Merchant)


Japan (Man-of-War)


Monaco


Montenegro


Morocco


Nicaragua (Merchant)

Peru (Merchant)


Portugal


Rumania (Merchant)

Russia (Man-of-War)

Siam


Spain (Man-of-War)


Spain (Merchant)

Sweden (Man-of-War)

Turkey

United States

Uruguay


Venezuela (Merchant)

עפעס; בעשטימען אדער זיך בעשליסען אויף עפעס.

fix one's eyes on (פיקס הוואנז איז אן) אנשטעלען די אויגען אויף עפעס; שארף אנקוקען.

fix out (פיקס אוט) אויסריכטען; אויסשטאטען; צורעכט מאכען; בעפוצען; פערציערען.

fix'ture *n.* (פיקס'-טשור) פעסטע אויסשטאטונגען אדער איינהיכטונגען [ווי פאליצעס און א פערקויף=טיש אין א קראם]; א פערזאן אדער זאך וואס שטיהט פעסט אין א בעשטימטער לאגע; איינער אדער עפעס וואס ווייזט אויס אונבעוועגליך.

fix up (פיקס אפ) צורעכט מאכען; בעציערען; בעפוצען.

fix upon' (פיקס א-פאן') ז. *fix on*

fiz *v. and n.* (פיז) ז. *fizz*

fiz'gig *n.* (פיז'-גיג) א מין קנאקעדיג פייערווערק; א לייכטזיניג, ארומטרייבענד מיידעל אדער פרויענצימער.

fizz *v. and n.* (פיז) שיפען, צישען, מאכען ששש...; ברויזען; דאס שיפען, דאס צישען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא=וואסער, לימאנאד, שאמפאניער א. ד. ג.

fiz'zle *v. and n.* (פיזל) שיפען, צישען; ברויזען [ווי סאדא=וואסער, לימאנאד א. ד. ג.]; פלוצים שטעהן בלייבען נאך אן אויסגעצייכענטען אנפאנג [ווענען א שילער ביים ענטפערען די שול=אויפגאבען אדער ביים עקזאמען]; דורכפאלען ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול=אויפגאבען; גרעפסען; דורכווארפען ביים עקזאמען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא=וואסער, לימאנאד, שאמפאניער א. ד. ג.; אן אונרוהיגער צושטאנד, אויפרעגונג; א גרעפס; א דורכפאל ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול=אויפגאבען.

fjord *n.* (פיארד) ז. *fiord*

flab'bergast *v.* (פלעב'-ער-געסט) ערשטוינען; צוטומלען דורך איבערראשונג; צומישען.

flabbergasta'tion *n.* (פלעב-ער-געס-טיי'-שאן) איבערראשונג, ערשטוינונג; דאס מבולבל ווערען.

flab'bily *adv.* (פלעב'-אי-לי) אויף א שלאפען, לויזען אדער שוואכען אופן; אויף א צוקראכענעם אופן.

flab'biness *n.* (פלעב'-אי-נעס) שלאפקייט, שוואכקייט; לויזקייט, ווייכקייט; צוקראכענהייט.

flab'by *a.* (פלעב'-אי) שלאף, שוואך, ווייך, לויז; צוקראכען.

flabel'late *a.* (פלע-בעל'-אייט) פעכערארטיג, וואס האט די פארם פון א פעכער [ווענען געוויסע פלאנצען].

flabel'lum *n.* (פלע-בעל'-אם) אזא פעכער אין די גריכישע און ארמענישע קירכען אוועקצוטרייבען פליגען פון דעם הייליגען ברויט און ווייז אין דער צייט פון הייליגען אבענדמאהל.

flac'cid *a.* (פלעק'-סיד) שלאף, ווייך, לויז, צוקראכען.

flaccid'ity *n.* (פלעק-סיד'-אי-טי) שלאפקייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט; אזא קראנקהייט פון זייד=ווערים.

flac'cidly *adv.* (פלעק'-סיד-לי) אויף א שלאפען, ווייכען, לויזען אדער צוקראכענעם אופן.

flac'cidness *n.* (פלעק'-סיד-נעס) שלאפקייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט.

flag *n. and v.* (פלעג) א פאהן, א פלאג; א פלאכער שטיין וואס ווערט בענוצט צום ברוקירען; די שווערד=ליליע [אזא פלאנצע מיט שווערד=פערמיגע בלעטער]; אויפהענגען א פאהן, בעפוצען מיט א פאהן: געבען א סיגנאל מיט א פאהן; שלאף אראבהענגען; ווערען שלאף אדער שוואך; ווערען מוטלאז; ווערען אבגעלאזען; אויסברוקירען מיט פלאכע שטיינער.

flag'-bear'er *n.* (פלעג'-בעהר'-ער) א פאהנען=טרעגער.

flag'-cap'tain *n.* (פלעג'-קעפ'-טיין) דער קאפיטאן פון אן אדמיראל=שיף אדער קאמאנדא=שיף.

flag'ellant *a. and n.* (פלעדזש'-ע-לענט) וואס בענוצט א בייטש; וואס איז צוגעפאסט צום שמייסען; איינער וואס פייניגט זיך צוליעב פרומקייט; א מיטגליעד פון א געוויסער רעליגיעזער סעקטע אין איטאליען, וועלכע האט זיך געגרינדעט אונגעפעהר אין יאהר 1260. די מיטגליעדער פון דיעזער סעקטע פלעגען זיך לאזען עפענטליך שמייסען אויף'ן נאקעטען קערפער ביז בלוט פלעגט רינען [דיעזע סעקטע האט זיך שפעטער נעהאט פערשפרייט אין מעהרערע אייראפעאישע לענדער].

flagel'lar *a.* (פלע-דזשעל'-אר) וואס איז שייך צו די בייטשען=פערמיגע פיהל=הערנער פון געוויסע אינזעקטען.

flag'ellate *v. and a.* (פלעדזש'-ע-לייט) שמייסען; עהנליך צו א בייטש, בייטשפערמיג [ווי די פיהל=הערנער פון געוויסע אינזעקטען אדער אינפוזאריען]; וואס האט א בייטש=פערמיגען אנוואוקס [ווי געזויסע אינזעקטען].

flagella'tion *n.* (פלעדזש-ע-ליי'-שאן) דאס שמייסען.

flag'ellator *n.* (פלעדזש'-ע-ליי-טאר) איינער וואס שמייסט, א שמייסער.

flagellif'erous *a.* (פלעדזש-ע-ליפ'-ע-ראס) וואס האט אן אויסוואוקס ווי א בייטש [ווענען אינפוזאריען, באקטעריען אדער פלאנצען].

flagel'liform *a.* (פלע-דזשעל'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו א בייטש; וואס איז לאנג, דין און בויגזאם [ווי א בייטש].

flagel'lum *n.* (פלע-דזשעל'-אם) א בייטש; אן אויסוואוקס פון א פלאנצע וואס איז עהנליך צו א בייטש; א בייטשעהנליכער צוואוקס ביי אינפוזאריען אדער באקטעריען; א בייטש=פערמיגער פיהל=הארן פון אן אינזעקט.

flage'olet *n.* (פלעדזש'-א-לעט) אזא פלייט.

flag'-feath'er *n.* (פלעג'-פעטה'-ער) די פעדער פון א פויגעל'ס פליגעל, וועלכע איז נאהענט צום עק.

flag'giness *n.* (פלעג'-אי-נעס) שלאפקייט, שוואכקייט, צוקראכענהייט.

flag'ging *a. and n.* (פלעג'-אינג) שוואך, שלאף, צוקראכען; דאס ברוקירען מיט פלאכע שטיינער; פלאכע ברוקיר=שטיינער.

flag'gingly *adv.* (פלעג'-אינג-לי) אויף א שלאפען, אבגעלאזענעם אדער צוקראכענעם אופן.

flag'gy *a.* (פלעג'-אי) ווי א פאהן; אויסגעשפרייט; פול מיט שווערד=ליליען [אזא פלאנצע מיט שווערד=עהנליכע בלעטער]; וואס איז עהנליך צו פלאכע ברוק=שטיינער.

flagi'tious *a.* (פלע-דזשיש'-אס) שענדליך, סקאנדאלעז, פערברעכעריש, נידערטרעכטיג; שולדיג אין א סקאנדאלעזען פערברעכען.

flagi'tiously *adv.* (פלע-דזשיש'-אס-לי) אויף א שענדליכען, סקאנדאלעזען אופן.

flagi'tiousness *n.* (פלע-דזשיש'-אס-נעס) שענדליכקייט, נידערטרעכטיגקייט.

flag'-lieuten'ant *n.* (פלעג'-ליו-טענ'-ענט) דער פליגעל=אדיוטאנט פון אן אדמיראל.

flag'man *n.* (פלעג'-מען) דער סיגנאליסט אויף אן אייזענבאהן=וועג [דער וואס גיט די סיגנאלען מיט א פאהן].

flag of defi'ance (פלעג אוו די-פאי'-ענס) די רויטע פאהן ארויסצורופען צום קאמפף.

flag of distress' (פלעג אוו דיס-טרעס') א פאהן וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס צייכען פון געפאהר, אונגליק אדער טרויער.

flag'-of'ficer *n.* (פלעג'-אפ'-אי-סער) א העכערער אפיציער אויף א שיף, ווי אן אדמיראל, וויצע=אדמיראל א. ד. ג.

flag of protec'tion (פלעג אוו פרא-טעק'-שאן) א שוץ=פאהן [א ווייסע פאהן אין דער צייט פון קריעג, אלס א צייכען פון פריעדען, אדער א געלבע פאהן אויף א שיף אלס א צייכען אז עס געפינען זיך אויף איהר פאסאזשירען מיט אנשטעקענדע קראנקהייטען].

flag of truce (פלעג אוו טרוהס) די פארלאמענטער אדער פרידענס=פאהן [א ווייסע פאהן, וואס עס טראגט מיט זיך א געשיקטער פון איין קריעגס=פיהרענדער ארמעע צו דער אנדערער, אלס א צייכען, דאס ער קומט וועגען א פריעדענס=פערהאנדלונג].

flag'on *n.* (פלעג'-אן) א פלאש; א קאראפין.

fla'grancy *n.* (פליי'-גרענ-סי) שענדליכקייט; א שרייענדע נידערטרעכטיגקייט אדער פערברעכען.

fla'grant *a.* (פליי'-גרענט) סקאנדאלעז, הימעל=שרייענד [וועגען א פערברעכען]; אייפריג, העפטיג; וויטהענד, אין רעכטען פייער.

flagran'te delic'to (פליי-גרענ'-טי די-ליק'-טאו) אין דעם מאמענט ווען דאס פערברעכען איז בעגאנגען געווארען [געכאפט ביי דער האנד].

fla'grantly *adv.* (פליי'-גרענט-לי) אויף א סקאנדאלעזען, הימעל=שרייענדען אופן.

fla'grantness *n.* (פליי'-גרענט-נעס) ז. *flagrancy*

flag'-ship *n.* (פלעג'-שיפ) פלאג=שיף, אדמיראל=שיף, קאמאנדא=שיף.

flag'staff *n.* (פלעג'-סטעף) דער פלאגשטאק [דער שטאק אדער שטאנג צו וועלכען די פאהן איז בעפעסטיגט].

flag'-sta'tion *n.* (פלעג'-סטיי'-שאן) אן אייזענבאהן=סטאציאן, וואו די באהן שטעלט זיך אב נור ווען עס ווערט געגעבען א סיגנאל פון דער סטאציאן.

flag'stone *n.* (פלעג'-סטאון) א פלאכער, ארומגעהאקטער שטיין צום ברוקירען.

flag'worm *n.* (פלעג'-הווארם) אזא ערד=ווארים.

flail *n.* (פלייל) א דרעש=שלעגעל [אן אינסטרומענט אויסצודרעשען די קערנער פון די זאנגען]; דרעשען מיט א שלעגעל.

flair *n.* (פלעהר) א חוש הריח.

flake *n. and v.* (פלייק) א שטיקעלע; א שנעעלע [א שטיקעלע שנעע וואס פאלט]; אן איבערשפרייטונג, א שיכט; א פלאטפארמע, אויף וועלכער מען טריקענט געזאלצענע פיש; די צוויי=פארביגע נעלקע [אזא פלאנצע]; איינע פון די רינגען פון א צונויפגעלעגטען שטריק אדער

קאנאט אויף א שיף; אבשיילען; אבבלעטערען; זיך בעדעקען מיט דינע שיכטען איינע אויף די אנדערע; זיך אויסלעגען אין רינגען [ווי אן אויסגעלעגטער שטריק אויף א שיף].

flake off (פלייק אף) זיך אבבלעטערען.

flake'-white *n.* (פלייק'-הוואיט) בלייווייס [די רייניסטע ווייסע בליי אין דער פארם פון דינע פלאטען].

fla'king *n.* (פליי'-קינג) דאס אבקלאפען פון קרעמענעס [אזא הארטער שטיין] דינע שיכטען.

fla'king-ham'mer *n.* (פליי'-קינג-העמ'-ער) א האמער, מיט וועלכען מען קלאפט אב פון א קרעמען דינע שיכטען.

fla'ky *a.* (פליי'-קי) וואס בעשטעהט פון שטיקלעך; וואס בעשטעהט פון בלעטער אדער שיכטען; וואס איז אויסגעלעגט שיכטענווייז.

flam *n. and v.* (פלעם) א בבא=מעשה; א פוסטע זאך; א ליגען; אבנארען מיט נארישע מעשיות; אמוזירען מיט בבא=מעשיות.

flam'beau *n.* (פלעמ'-באו) א פאקעל; א לייכטער פון בראנזע אדער אנדערע מעטאלען געמאכט זעהר ארטיסטיש; איינע פון א רייהע קעסלען אין א צוקער=פאבריק.

flamboy'ant *a. and n.* (פלעמ-באי'-ענט) באמבאסטיש; אויפגעבלאזען; מליצה'דיג; מיט קלינגענדע פראזען; אויפגעפלאמט; ברענענדיג אין פלאמען; וועלען=ארטיג, אין דער פארם פון וועלען אדער כוואליעס; אין ארכיטעקטור — פלאמארטיג [וועגען פערציערונגען אויף געביידען פון גאטישען סטיל]; געוויסע וועסט=אינדישע פלאנצען מיט העל=רויטע בלומען.



Flamboyant

flame *n. and v.* (פליים) א פלאם, פייער גלוטה; הייסע ליעבע; היציגקייט; כעס, צארן; פלאמען, ברענען, פלאקערען; גליהען; צוהיצען זיך.

flame'-col'or *n.* (פליימ'-קאל'-אר) פלאמען=קאליר [א העלער, רויטליך=אראנזשען=קאליר]. ז. איל. *"Colors"*

flame'-col'ored *a.* (פליימ'-קאל'-ארד) מיט א פלאמען=קאליר [פון א העלען רויטליך=אראנזשען=קאליר].

flame'less *a.* (פליימ'-לעס) אהן א פלאם.

flame'let *n.* (פליימ'-לעט) א קליין פלעמעלע.

fla'men *n.* (פליי'-מען) א פלאמין, איינער פון די פריסטער אדער כהנים אין אלטען רוים, וועלכע פלעגען בעדיענען נור איין גאט [די וויכטיגסטע פון די פלאמינען זיינען געווען די כהנים פון יופיטער און פון מארס].

fla'menship *n.* (פליי'-מענ-שיפ) דאס אמט אדער טיטעל פון א פלאמין.
ז. *flamen*

fla'mers *n.* (פליי'-מערז) א מין שוועבעלעך, צינדהעלצלעך.

flame up (פליים אפ) אויפפלאמען, אויפפלאקערען; אנצינדען זיך מיט א געוויסער תאוה אדער ליידענשאפט.

fla'ming *a.* (פליי'-מינג) פון א פלאמען=קאליר; פלאמען=ארטיג אדער וועלען=ארטיג; וואס האט די נייגונג אויפצופלאקערען אדער אויפצורעגען זיך.

fla'mingly *adv.* (פליי'-מינג-לי) אויף א ברענענדען, פלאמענדען אדער גלענצענדען אופן.

flamin'go *n.* (פליי-מינ'-גאו) די פלאמינגא [א רויטליכער וואסער=פויגעל מיט לאנגע פיס, מיט א לאנגען האלז און מיט א גרויסען אויסגעבויגענעם שנאבעל].

Flamingo

fla'my *a.* (פליי'-מי) פלאמיג, גליהענד.

flanch *n.* (פלענטש) ז. *flange*

flâneur' *n.* (פלע-נויר') א פוילענצער, א פוסטעפאסניק.

flange *n. and v.* (פלענדזש) אן ארויסגעשטארצטער אדער אבגעבויגענער ראנד [ווי די ראנדען פון צוויי גוס=אייזערנע רעהרען, וועלכע שליסען זיך צוזאמען]; אן אייזערנער רינג, וועלכער שטעלט זיך אריין אין אן אויסגעבויערטען לאך, כדי די ווענטלעך פון דעם לאך זאלען זיך ניט אויסרייבען; א דעקעל אויף א רעהר אדער צילינדער צו פערדעקען איהם; ארויסשטארצען; אננעהמען די פארם פון אן אויסגעבויגענעם ראנד; אריינשטעלען א רינג אין אן אויסגעבויערטען לאך.

flank *n. and v.* (פלענק) א זייט, די פלאנקען; אין מיליטער — דער פלאנג אדער די אטריאדען פון אן ארמעע, וואס שטעהען ביי די זייטען; אין בעפעסטיגונגס=ווערק — די פלאנגען אדער זייט=וואלען פון א באסטיאן; בעשיצען אדער פערדעקען פון פלאנג אדער פון דער זייט; אנפאלען פון פלאנג; שטעהן אן א זייט.

flank'-attack' *n.* (פלענק'-ע-טעק') אן אטאקע אדער אנפאל אויף'ן שונא פון דער זייט.

flan'ker *n.* (פלענ'-קער) א פלאנג; די פלאנג=אטריאדען פון אן ארמעע; א זייט=פעסטונג.

flan'nel *n. and a.* (פלענ'-על) פלאנעל [אזא ווייכער, וואלענער שטאף]; געמאכט פון פלאנעל.

flan'ning *n.* (פלענ'-אינג) אין ארכיטעקטור — די אויסשרעגונג פון פענסטער [דאס בויען די פענסטער אזוי, אז די ביישטידלעך זאלען זיין שרעג, כדי דער חלל פון פענסטער זאל פון אינעווייניג זיין ברייטער איידער פון דרויסען].

flap *n. and v.* (פלעפ) א לייכטער קלאפ; א פאלע [פון א בגד]; דאס אויער=לעפעל [תנוך האוזן]; א לאץ; א פאט [פון א קעשענע]; דאס אויערעל פון א שוך; א קלאפע וואס ווערט בענוצט צו פערהאלטען א שטראם וואסער אום ניט אריינצולאזען עס אין רינע; אין כירורגיע — א שטיקעל אבגעשונדענע הויט אדער פלייש, וואס הענגט אראב; קלאפען; פאטשען; פלאטערען; בעוועגען זיך הין און צוריק; אראבהענגען; בעוועגען אדער פאטשען מיט די פליגלען; צומאכען א פאלע צו עפעס.

flap'doodle *n.* (פלעפ'-דוהדל) נארען=שפייז, די שפייז מיט וועלכער נאראנים ערנעהרען זיך; דומהייטען, שטות, נארישקייטען.

flap'-door *n.* (פלעפ'-דאור) א טהיר וואס עפענט זיך פון אינעווייניג און פון דרויסען.

flap down (פלעפ דאון) אומווארפען, שטירצען.

flap'dragon *n. and v.* (פלעפ'-דרעג-אן) א שפיעל, אין וועלכען מען כאפט ארויס פון ברענענדען שנאפס אדער ספיריטוס פלוימען, ראזשינקעס א. ד. ג. און מען שלינגט זיי איין; ראזשינקעס, פלוימען א. ד. ג. וואס ליעגען אין ברענענדען ספיריטוס; פערשלינגען מיט איין מאל.

flap'-eared *a.* (פלעפ'-איערד) וואס האט הענגענדע אויערען.

flap'jack *n.* (פלעפ'-דזשעק) א פאן=קוכען; א לאטקע.

flap'-mouthed *a.* (פלעפ'-מאוטהט) מיט אראבהענגענדע ליפען [ווי א הונד].

flap'per *n.* (פלעפ'-ער) א קלאפע; א יונג ווילד ענטעל; א דערמאהנער [איינער אדער עפעס וואס איז בעשטימט צוצוציהען די אויפמערקזאמקייט אדער צו דערמאהנען].

flap the mem'ory (פלעפ טהי מעמ'-א-רי) זיך געבען א קלאפ אין שטערען, עטוואס זיך צו דערמאהנען.

flare *v. and n.* (פלעהר) שימערען; אויפפלאקערען; פערבלענדען מיט א פלוצליכען שיין; בלישטשען; גלימערען; פערברייטערען זיך ביי דער עפענונג [ווי דאס לאך פון א טרובע]; אויסברייטען זיך נאך אויסווענינ [ווי די זייטען פון א שיף]; שימערען פאר איינעמס אויגען, ארויסטרעטען מיט גדלות; די שימערונג, דאס בלישטשען; גדלות.

flare'-up *n.* (פלעהר'-אפ) א פלוצליכער פערבלענדענדער שיין; א פלוצליכער קריעג.

flar'ing *a.* (פלעהר'-אינג) שימערענד, פלאמענד, גלימערענד; וואס שטעלט זיך ארויס; וואס טרעט ארויס מיט גדלות.

flar'ingly *adv.* (פלעהר'-אינג-לי) אויף א שימערענדען שטייגער; דורך בעריהמעריי אדער גדל'ענען זיך.

flash *v., n. and a.* (פלעש) א בליאסק טהאן; פלוצלונג אויפבליצען, אויפפלאקערען, אויפשיינען, אבגלאנצען אדער אויפגליהען; מאכען עפעס שנעל אויפפלאקערען, אויפגלאנצען, אויפבליצען אדער אויפגליהען; בליץ=שנעל ערשיינען, זיך נעהמען צו עפעס אדער דורכלויפען; שנעל עפעס שיקען; מאכען עפעס זאל אויסזעהן גלענצענד און אנציהענד; צוגעבען א פאלשען גלאנץ; שטרעבען זיך ארויסצוציינען בעסער אדער שעהנער ווי מען איז; איבערברענען גלאז צום צווייטען מאל כדי עס צו מאכען פארביג; פערוואנדלען א נאך

ניט פערהארטעוועטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; שפּריצען [ווי כוואליעס]; קינסטליך אויפהויבען די הויך פון וואסער; קינסטליך פערפלייצען; א בליאסק; א פלוצלונגע אויפשטראהלונג, אויפבליצונג אדער אויפגליהונג; א קורצער, שטארקער, בליץ=ארטיגער אויסברוך [פון שארפזין, קאלירען=עפעקטען א. ד. ג.]; א קורצע ווייל, א מאמענט; א געמיש פון נעברענטען צוקער מיט אנדערע שטאפען צו פארבען בראנפען; א סאזשעלקע, א שליוזע, א שטארקער וואסער=שטראם; אהן טעם, אבגעשמאקט, אויסגעוועפּט, וואולגאר=גלענצענד, וואולגאר=אויסשטעלעריש; בלענדענד, שרייענד [ווענען פארבען]; ערפאהרען, כיטרע, דורכגעטריבען; וואס איז שייך צו אדער וואס איז פערבונדען מיט גנבים, אויסוואורפען, גאסען=פרויען א. ד. ג.

flash'er *n.* (פלעש'–ער) איינער אדער עטוואס וואס בליצט פלוצלונג אויף, גליהט אויף אדער פלאקערט אויף; איינער אדער עטוואס וואס מאכט עפּעס שנעל און שטארק אויפגליהען, אויפבליצען, ערשיינען אדער אבגלאנצען; איינער וואס וויל ארויסציינען מעהר שארפזין וויפיעל ער פערמאגט אין אמת'ען; א היים קעסעל, אין וועלכען מען שפּריצט ביסלעכווייז אריין וואסער וואס ווערט מאמענטאן פערוואנדעלט אין דאמפף.

flash'-house *n.* (פלעש'–האוס) א גנבים=הויז, א הויז וואו עס פערזאמלען זיך גנבים און גאסען=פרויען און וואו מען האלט גע'גנב'עטע זאכען.

flash'ily *adv.* (פלעש'–אי–לי) אויף א פינקלענדען, גלענצענדען שטייגער; מיט א פלעצליכער שטארקער אויפשטראהלונג אדער אויפבליהונג; אויבערפלעכליך [אין שארפזיניגקייט און דענקען]; מאכענדיג אן אנשטעל; שטרעבענדיג אויסצוזעהן בעסער אדער שעהנער ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.

flash'iness *n.* (פלעש'–אי–נעס) דאס זיין גלענצענד אדער אויפבליצענד; דאס מאכען אן אנשטעל; דאס אויסזעהן אדער שטרעבען אויסצוזעהן שעהנער און בעסער ווי אין אמת'ען; וואולגארער גלאנץ; ביליגע בעפּוצונג.

flash'ing *n.* (פלעש'–אינג) ביי גלאז=ארבייט — דאס דערהיצען צום צווייטען מאל נאך ניט אין גאנצען פארטיגע גלעזערנע זאכען אום זיי צו מאכען גלאט; דאס פערוואנדלען אן אויסגעהוילטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; דאס מאכען גלאז פארביג; אין ארכיטעקטור — דאס בעפעסטיגען געוויסע טיילען פון דער געביידע [דארט וואו א וואנד קומט זיך צונויף מיט'ן דאך] מיט שטיקער ציין, בליי אדער אנדערע מעטאלען; קינסטליכע מיטלען אבצופיהרען דאס וואסער פון א טייך.

flash'ing-board *n.* (פלעש'–אינג–באורד) א ברעט אדער א פארריכטונג צו פערגרעסערען די טיעפקייט אדער שטארקייט פון א שטראם דורך פערקלענערען זיין ברייט.

flash'ing-fur'nace *n.* (פלעש'–אינג–פויר'–נייס) אן אויווען אין גלאז=פאבריקען, אין וועלכען מען דערהיצט די גלעזערנע זאכען צום צווייטען מאל, אום זיי אויסצובעסערען אדער אום זיי צו פארבען.

flash'ing-point *n.* (פלעש'–אינג–פאינט) די טעמפּעראטור, ביי וועלכער די פארע [פון דערהיצטע אוילען] פלאמט פלוצלונג אויף.

flash in the pan (פלעש אין טהי פען) אן עקספּלאזיאן פון דעם פולווער אין א שיס=געוועהר, ביי וועלכער די קויל פליהט ניט ארויס; א ניט געלונגענער פערזוך; א גרויסארטיגער, רעש'דיגער פערזוך וואס ענדיגט זיך מיט גארניט.

flash lan'guage (פלעש לענ'–גהווערדזש) א גנבים=שפּראך.

flash'-light *n.* (פלעש'–לאיט) בליץ=שיין; קורצע, העלע ליכט=אויפבליצונגען וואס דיענען אלס מיליטערישע סיגנאלען אדער וועלכע מען לאזט ארויס אויף לייכט=טורעמס; א קורצע העלע בליץ=ליכטיגקייט, וועלכע ווערט געמאכט צו פאטאגראפיען ביינאכט.

flash'man *n.* (פלעש'–מען) א לומפּ [הויפּטזעכליך אזעלכער וואס פערשטעלט זיך פאר אן אנשטענדיגען מענשען].

flash notes (פלעש נאוטס) נעפעלשטע וועקסלען.

flash of light'ning (פלעש אוו לאיט'–נינג) א בליץ=שטראהל.

flash on (פלעש אן) קומען פלוצלונג אין זינען, פלוצלונג איינפאלען.

flash'-pipe *n.* (פלעש'–פאיפּ) א גאז=רעהר מיט קליינע לעכלעך, מיט דער הילף פון וועלכער מען צינדט אן גאז=ברענערס.

flash'-point *n.* (פלעש'–פאינט) ז. *flashing-point*.

flash song (פלעש סאנג) א גאסען=ליעד.

flash'-test *n.* (פלעש'–טעסט) א פּראבע צו בעשטימען די טעמפּעראטור, ביי וועלכער קעראסין [פעטראלעאום] אדער אנדערע עהנליכע שטאפען פלאקערען אויף.

flash through (פלעש טהרוה) דורכבליצען, דורכפליהען.

flash'-torch *n.* (פלעש'–טאהרטש) א בליץ=פאקעל [א פארריכטונג צו מאכען א קינסטליכען בליץ אין די טעאטערע].

flash'-wheel *n.* (פלעש'–הוויעל) א ראד, מיט דער הילף פון וועלכער מען הויבט אויף די פלעכע פון דעם וואסער אין א טייך.

flash'y *a.* (פלעש'–אי) וואס פערבלענדעט בלויז אויף א ווייל; שרייעריש=בלענדענד; ווי א בליץ, אונרעגעלמעסיג, קאפּריזנע, אימפּולסיוו, פייעריג, היציג.

flask *n.* (פלעסק) א פלעשעל [בעזאנדערס אזוינס, וואס האט א ספּעציעלע פארם, ווי א פלאך קעשענע=פלעשעל, אן אייזערען פלעשעל, א קאראפין א. ד. ג.]; א פולווער=הארן.

flask'-shaped *a.* (פלעסק'–שייפּט) וואס האט די פארם פון א רונדען פלעשעל.

flat *a., adv., n. and v.* (פלעט) פלאך, פלאטשיג; פּראסט, שוואך [ווענען דעם צושטאנד פון אקציעס אויף דער בערזע]; מאט; שטיל, זאנפט, ווייך [ווענען א שטימע אדער קלאנג]; אין מוזיק — אונטערן טאן; אהן גלאנץ [ווענען פארב]; ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; געמיין; טעמפּ; אהן געשמאק; ענטשיעדען, געוויס, קלאר ווי אויף דער האנד; לעבלאז; מוטלאז; אויף א פלאכען אופן; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; אן עבענע, א פלאך לאנד; עטוואס פלאכעס אדער פלאטשיגעס; א דומער מענש, א דומקאפּ, א שוטה; דער בעמאל [א צייכען אין מוזיק וועלכער דריקט ארונטער א האלבען טאן]; א פאמיליען=וואהנונג פון איינינע צימערען אויף איין עטאזש; א הויז וואס ענטהאלט אזעלכע וואהנונגען; מאכען געשמאקלאז; אראבנעהמען דעם גלאנץ פון א פארב; אראבדריקען דעם טאן, מאכען נידריגער דעם טאן מיט א האלבער נאטע; אראבדריקען; מאכען פלאך; זינגען אויף א נידריגען טאן; ווערען פלאך; ווערען דום.

flat and plain (פלעט ענד פליין) גאנץ איינפאך.

flat'bill *n.* (פלעט'–ביל) דער פלאך=שנאבעל [אזא פויגעל מיט א פלאכען שנאבעל]; א פלאך=שנאבעלדיגער פויגעל.

flat'boat *n.* (פלעט'–באוט) א שיף אדער בארזשע מיט א פלאכען דעק צו פיהרען פראכט.

flat calm (פלעט קאהם) א טויט=שטיל וועטער.

flat chest (פלעט טשעסט) אן איינגעפאלענע ברוסט.

flat deni'al (פלעט די–נאי'–על) א פאלשטענדיגע אבלייקענונג.

flat fifth (פלעט פיפטה) אין מוזיק — די קווינטא מינאר.

flat'fish *n.* (פלעט'–פיש) דער פלאך=פיש [פלאטשיגער פיש, ווי א פלאנדערקע א. ד. ג.].

flat'foot *n.* (פלעט'–פוט) א פלאכער פוס [א פוס מיט א נידריגען זויל=געלענק].

flat'-foot'ed *a.* (פלעט'–פוט'–עד) וואס האט א פלאכען פוס [מיט א נידריגען נעלענק]; פעסט, ענטשלאסען.

flat'head *a. and n.* (פלעט'–העד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפּ [בעזאנדערס ווענען געוויסע אינדיאנער אין אמעריקא]; אזא שלאנג מיט א פלאכען קאפּ.

flat'-head'ed *a.* (פלעט'–העד'–עד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפּ.

flat'-house *n.* (פלעט'–האוס) א הויז וואו אויף יעדען עטאזש זיינען פאראן גאנצע פאמיליען=וואהנונגען.

flat'-i'ron *n.* (פלעט'–אי'–ערן) א פלעט=אייזען, א בינעל=אייזען, א פרעס=אייזען.

flat lie (פלעט לאי) א פשוט'ער ליגען.

flat'lings *adv.* (פלעט'–לינגז) ענטשיעדען, פאזיטיוו.

flat'long *adv.* (פלעט'–לאנג) מיט דער פלאכער זייט.

flat'ly *adv.* (פלעט'–לי) אויף א פלאכען אדער פלאטשיגען אופן; אין א פלאכער לאגע, האריזאנטאל; ענטשיעדען, פאזיטיוו; ניט גייסטרייך, דום.

flat'ness *n.* (פלעט'–נעס) געשמאקלאזיגקייט; לעבענסלאזיגקייט; פלאכקייט, פלאטשינקייט; טעמפּקייט; טיעפקייט [פון א טאן].

flat'nose *a. and n.* (פלעט'–נאוז) וואס האט א פלאטשיגע נאז; איינער וואס האט א פלאטשיגע נאז.

flat'-nosed *a.* (פלעט'–נאוזד) מיט א פלאטשיגער נאז.

flat'ten *v.* (פלעטן) פלאך אדער פלאטשיג מאכען; פלעטען, גלאט מאכען; טעמפּ מאכען, אוועקנעהמען דעם געשמאק; נידערשלאגען, אומעדיג מאכען; אראבדריקען דעם טאן; ווערען מאט [ווענען פארבען]; פלאך ווערען; ווערען געשמאקלאז אדער גייסטלאז; ווערען מוטלאז אדער בעטריבט.

flat'tened *a.* (פלעט'נד) וואס איז געמאכט פלאך אדער פלאטשיג.

flat'tening-mill *n.* (פלעט'–נינג–מיל) א וואלץ=פאבריק, א פאבריק, וואו מעטאל ווערט געוואלצט אין פלאטען.

flat'ter *n. and v.* (פלעט'–ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פלאך אדער פלאטשיג; ; א פלעטער [אזא ברייטער האמער פון א שמיעד צום שמיעדען פלאטשיג]; שמייכלען, חנפ'ענען.

flat′terable *a.* (פלעט′-ער-עבל) שמייכעלהאפט.

flat′terer *n.* (פלעט′-ער-ער) א שמייכלער, א חונף.

flat′tering *a.* (פלעט′-ער-אינג) שמייכלעריש, שמייכעלהאפט

flat′teringly *adv.* (פלעט′-ער-אינ-גלי) אויף א שמייכלערישען אדער חניפה′דיגען אופן.

flat′tery *n.* (פלעט′-ע-רי) חניפה, שמייכעליי.

flat third (פלעט טהוירד) — אין מוזיק די טערצא מינאר.

flat′ting *n.* (פלעט′-אינג) דאס פארבען מאט, אהן א גלאנץ; דאס וואלצען מעטאל אין פלאטען; דאס אראבדריקען דעם טאן אין זינגען אדער שפיעלען.

flat′ting-mill *n.* (פלעט′-אינג-מיל) ז. *flattening-mill*

flat′tish *a.* (פלעט′-איש) פלאכליך אדער פלאטשינליך.

flat′ulence *n.* (פלעט′-יו-לענס) דאס ליידען פון ווינד אין מאגען; פוסטקייט, לעערקייט, נישטינקייט.

flat′ulency *n.* (פלעט′-יו-לענ-סי) ז. *flatulence*

flat′ulent *a.* (פלעט′-יו-לענט) וואס ליידט פון ווינד אין מאגען; ווינדיג; פוסט, נישטיג; אנגעבלאזען.

flat′ulently *adv.* (פלעט′-יו-לענט-לי) אויפגעבלאזען, פוסט, ווינדיג.

flat′uous *a.* (פלעט′-יו-אס) ז. *flatulent*

fla′tus *n.* (פליי′-טאס) א בלאז, א הויך; ווינד אין די געדערים; דונסט; אנגעשוואלענקייט, אנגעבלאזענקייט.

flat′ways *adv.* (פלעט′-הווייז) מיט דער פלאטשינער זייט ארונטער אדער צו עפעס.

flat′wise *adv.* (פלעט′-הוואיז) ז. *flatways*

flat′worm *n.* (פלעט′-הוואירם) א פלאכער ווארים.

flaunt *v. and n.* (פלאהנט) פלאטערען, וועהען; פראנטעווען, זיך ציערען; שטאלצירען, זיך אויפבלאזען; נארישער פוץ; פרעכער שטאלץ; בעריהמעריי; דאס בלאזען זיך.

Uncultured people love to **flaunt** their wealth.

flaun′ter *n.* (פלאהנ′-טער) איינער וואס בלאזט פון זיך; א נארישער בעריהמער.

flaun′ting *a.* (פלאהנ′-טינג) מיט נארישען פוץ, מיט פוסטער בעריהמעריי.

flaun′tingly *adv.* (פלאהנ′-טינג-לי). דורך נארישען פוץ אדער בעריהמעריי.

flaun′ty *a.* (פלאהנ′-טי) ז. *flaunting*

flauti′no *n.* (פלאו-טי′-נאו) א קליינע פלייט.

flau′tist *n.* (פלאה′-טיסט) א פלייטשפיעלער.

flau′to *n.* (פלאו′-טאו) א פלייט.

flaves′cent *a.* (פלע-ווענ′-ענט) געלבליך, וואס ווערט געלב.

flav′in *n.* (פלעוו′-אין) פלאווין, א מין געלבער פארב-שטאף.

fla′vor *n. and v.* (פליי′-ווארר) א נעשמאקער ריח; אראמאט; א גוטער געשמאק; אנגענעהמליכקייט; זאפט, סאק; מאכען געשמאק; צוגעבען אראמאט.

fla′vored *a.* (פליי′-ווארד) געווירצט; מיט א געשמאקען זאפט אדער ריח.

fla′vorless *a.* (פליי′-ווער-לעס) אהן געשמאק, אהן א טעם.

fla′vorous *a.* (פליי′-ווער-אס) שמעקענד; געשמאק.

flaw *n. and v.* (פלאה) א ברוך, א ריס; א פלעק [אין אן עדעלשטיין]; א חסרון, א פעהלער; נישטיגקייט, אונגילטיגקייט [אין געזעץ]; א ווינד-שטוים; אין וועבעריי — א פלאנטער, א קניפעל; א קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט שטעהט אב פון די נעגעל; ברעכען, מאכען ריצען אדער ריסען.

flaw′less *a.* (פלאה′-לעס) אהן ריסען אדער ריצען; אהן פעהלער.

flaw′lessly *adv.* (פלאה′-לעס-לי) אהן חסרונות אדער פעהלערען.

flaw′y *a.* (פלאה′-אי) מיט ריסען אדער ריצען; פעהלערהאפט; מיט חסרונות; אויף וועלכען דער ווינד טהוט פלוצלונג א בלאז.

flax *n.* (פלעקס) פלאקס, די פלאקס-פלאנצע.

Flax

flax′-comb *n.* (פלעקס′-קאום) א פלאקס-קאם [א קאם צו בערשטען פלאקס].

flax′-cot′ton *n.* (פלעקס′-קאטן) פלאקס געמאכט ווי באוועל.

flax′-dress′er *n.* (פלעקס′-דרעס′-ער) א פלאקס-קעמער, דער וואס גרייט צו פלאקס צום שפינען.

flax′-dress′ing *n.* (פלעקס′-דרעס′-אינג) דאס בערשטען פלאקס; דאס פערפערטיגען פלאקס צום שפינען.

flax′en *a.* (פלעקסן) עהנליך צו פלאקס; געמאכט פון פלאקס; בלאנד, העל-געלב; וואס איז שייך צו פלאקס.

flax′en hair (פלעקסן העהר) גאנץ העל-בלאנדע האר [ווי פלאקס].

flax′-plant *n.* (פלעקס′-פלענט) דער ניי-זעעלאנדישער פלאקס [א פלאנצע אהן א שטאם מיט לאנגע און ברייטע בלעטער און מיט שטארקע אדערען, פון וועלכע מען מאכט שטריק און קאנאטען].

flax′-pull′er *n.* (פלעקס′-פול′-ער) א מאשין ארויסצונעהמען פלאקס פון פעלד.

flax′seed *n. and a.* (פלעקס′-סיעד) ליינזוימען [די זאט פון פלאקס]; וואס איז עהנליך צו ליינזוימען.

flax′weed *n.* (פלעקס′-הוויעד) פלאקס-גראז [א מין גראז מיט רויטע אדער ווייסע בליטהען].

flax′-wench *n.* (פלעקס′-הווענטש) א פלאקס-שפינערין; א פראסטע פרוי.

flax′wort *n.* (פלעקס′-הוואירט) א פלאקס-פלאנצע [יעדע פלאנצע אדער גראז פון דעם מין פלאקסען].

flax′y *a.* (פלעק′-סי) ווי פלאקס; מיט א העלען קאליר; בלאנד.

flay *v.* (פליי) שינדען, אראבציהען די הויט.

flay′er *n.* (פליי′-ער) א שינדער.

flea *n.* (פליע) א פלוי.

flea′bane *n.* (פליע′-ביין) פליי-פעפער [א מין פלאנצע, וועלכע ווירקט אויף דער פערניכטונג פון פליי].

flea′bite *n.* (פליע′-באיט) א ביס פון א פלוי; א קליינער שמערץ; א קלייניגקייט.

flea′bitten *a.* (פליע′-ביטן) געביסען פון פליי; ווייס מיט רויטע פינטעלעך [וועגען א געוויסען קאליר פון פערד].

fleck *n. and v.* (פלעק) א פלעס: מאכען א פלעס.

flecked *a.* (פלעקט) געפלעקט.

fleck′er *v.* (פלעק′-ער) מאכען פלעקען.

fleck′less *a.* (פלעק′-לעס) אהן א פלעק; וואס מען קען ניט בלאמירען אדער מאכען א פארוואורף.

flec′tion *n.* (פלעק′-שאן) דאס בויגען; א בויגונג; אין גראמאטיק — די פלעקסיאן, די ענדערונג פון ווערטער דורך דעקלינאציאן אדער קאניוגאציאן.

flec′tional *a.* (פלעק′-שאנ-על) אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו פלעקסיאן. ז. *flection*

fled (פלעד) געפלויגען, אוועקגעפלויגען. ז. *flee*

fledge *v.* (פלעדזש) בעקומען גענוג גרויסע פעדערען אין די פליגלען צו קענען פליהען.

fledged *a.* (פלעדזשד) וואס איז בעוואקסען מיט פעדערען; וואס קען פליהען; וואס האט פליגלען צום פליהען; וואס די פליגלען זיינען ענטוויקעלט צום פליהען.

fledge′ling *n. and a.* (פלעדזש′-לינג) א יונג פייגעלע וואס איז נור-וואס בעוואקסען געווארען מיט פעדערען; א פריץ, א נאך אונערפאהרענער; נאר וואס בעוואקסען מיט פעדערען; אונערפאהרען.

fledg′ling *n. and a.* (פלעדזש′-לינג) ז. *fledgeling*

flee *v.* (פליע) פליהען; אוועקפליהען; פערשווינדען.

fleece *n. and v.* (פליעס) שאף-וואל; די וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א שעפס מיט איין מאל; שערען שאף; פליגדערען, רויבען, שינדען; בערויבען, אוועקנעהמען.

fleeced *a.* (פליעסט) וואס האט וואל; וואליג.

flee′cer *n.* (פליע′-סער) א הויט-שינדער, א בערויבער.

fleece′-wool *n.* (פליעס′-הוואול) די וואל וואס ווערט אבגעשארען פון א שעפס מיט איין מאל.

flee′cy *a. and n.* (פליע′-סי) בעדעקט מיט וואל; וואליג; וואס איז עהנליך צו וואל; בעדעקט מיט לייכטע וואלקען; וואס איז שייך צו וואל; אזא וויכער זארט פאדעם וואס ווערט בענוצט צום שטריקען.

flee′cy clouds (פליע′-סי קלאודז) לייכטע קנוילינע וואלקען.

fleer *v. and n.* (פליער) מאכען העויות, פערקרימען דאס פנים; פערשפאטען, אבלאכען פון...; א העויה; אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

fle′er *n.* (פליע′-ער) איינער וואס אנטלויפט.

fleer′er *n.* (פליער′-ער) אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

fleer′ing *n.* (פליער′-אינג) דאס אבלאכען, דאס אבשפאטען.

fleer′ingly *adv.* (פליער′-אינג-לי) אויף אן אבלאכענדען אדער אבשפאטענדען אופן.

fleet *n., a. and v.* (פליעט) א פלאטע; א קריעגס-פלאטע; א בוכטע; שנעל; לייכט; מאגער; דין; ניט טיעף [וועגען בארדען]; ענדערען דעם פלאץ [אויף א שיף]; שנעל אוועקפליהען.

fleet'-foot *a.* (פליעט'-פוט) ז. ***fleet-footed***.

fleet'-foot'ed *a.* (פליעט'-פוט'-עד) שנעל=פיסיג, גרינג=פיסיג, וואס לויפט שנעל.

flee'ting *a.* (פליע'-טינג) וואס לויפט שנעל פאריבער; וואס דויערט ניט לאנג.

flee'tingly *adv.* (פליע'-טינג-לי) אויף א שנעל פאריבערלויפענדען שטייגער; ניט דויערענדיג לאנג.

flee'tingness *n.* (פליע'-טינג-נעס) דאס זיין פון ניט לאנגען דויער; דאס שנעל פאריבערלויפען; שנעלקייט.

fleet'ly *adv.* (פליעט'-לי) אויף א שנעלען, געשווינדען אופן.

fleet'ness *n.* (פליעט'-נעס) שנעלקייט; לייכטקייט, געשווינדיגקייט.

Fleet pris'on (פליעט פריזן) א בעריהמט געפענגניס אמאל אין לאנדאן, וואו עס פלעגען איינגעשפארט ווערען אזעלכע, וואס האבען ניט בעצאהלט זייערע שולדען.

Flem'ing *n.* (פלעמ'-אינג) א פלאמאנדער [א בעלגיער פון פלאמאנדישער אבשטאמונג און פלאמאנדישער שפראך. די פלאמאנדישע שפראך איז זעהר נאהענט צו דער האלענדישער].

Flem'ish *a. and n.* (פלעמ'-איש) פלאמאנדיש, וואס איז שייך צו די פלאמאנדען, זייער שפראך, ליטעראטור א. ז. וו.; דאס פלאמאנדערנטום; די פלאמאנדישע שפראך.

flesh *n., a. and v.* (פלעש) פלייש, מוסקלען, דאס לייב, דער קערפער [אין געגענזאץ צו דער נשמה]; דער מענש, די מענשהייט; די קערפערליכע נאטור, קערפערליכקייט; גשמיות; א קרוב, איינער פון דערזעלבער פאמיליע; דער אינעוועניגסטער ווייכער [פליישיגער] טייל פון פרוכטען און גרינסען; פליישיג; אנשטאפען מיט פלייש; אנפרעסען; געבען גראבע, קערפערליכע פערגניגענס; צוגעבען חשק הינד, פאלקען א. ז. וו. צו יאגד דורך דעם וואס מען גיט זיי פרעסען פלייש; צוגעבען חשק, בעוועגען צו מלחמה און מארד; אברייניגען די פעל פון דעם פלייש; גוט אויסהאדעווען, בעדעקען מיט פלייש; בעדעקען [ווי מיט פלייש].

fo'cus *n. and v.* (פאו'-קאס) דער פאקוס, דער ברענ=פונקט; אין פיזיק — דער פונקט אין וועלכען עס טרעפען זיך צונויף די ליכט=שטראהלען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען א ברענ=גלאז אדער זיינען צוריקגעווארפען געווארען פון א שפיגעל; אין געאמעטריע — א פונקט אין דעם שטח פון אן עליפסע, היפערבעל אדער פון אן אנדער קרומער ליניע, פון וועלכער די דיסטאנצען [שטרעקען] צו יעדען אנדערען פונקט פון דער ליניע שטעהען אלע מאל אין איין און דערזעלבער בעציהונג; א צענטראלער פונקט, א זאמלונגס=פונקט; אנשטעלען ריכטיג אין ברענ=פונקט; פערזאמלען אדער קאנצענטרירען אין איין פונקט.

fod'der *n. and v.* (פאד'-ער) קארמע, פוטער [שפייז פאר פיה]; קארמענען אדער פיטערען מיט היי, שטרוי א. ד. ג.

foe *n.* (פאו) א שונא, א פיינד; א נעגנער.

foe'man *n.* (פאו'-מען) א פיינד, א שונא.

fœ'tal *a.* (פיע'-טעל) ז. *fetal*

fœ'tus *n.* (פיע'-טאס) ז. *fetus*

fog *n. and v.* (פאג) א נעבעל, א טומאן; אונקלארהייט, מטושטש'קייט; דאס גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע נאך דעם ערשטען היי=שנים; זיך בעדעקען מיט א טומאן, איינגעהילט ווערען אין א נעבעל; אבפיטערען, אבעסען דאס גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע נאך דעם ערשטען היי=שנים.

fog'-bank *n.* (פאג'-בענק) א געדיכטער טומאן וואס מען זעהט פון ווייטען; א געדיכטער טומאן [נעבעל] אויף'ן ים וואס זעהט אויס פון ווייטען ווי לאנד.

fog'-bell *n.* (פאג'-בעל) א גלאק בעפעסטיגט צו א פעראנקערטער שיף, צו א פעלז א. ד. ג. וואס ווערט בעוועגט פון די כוואליעס אדער פון ווינד און דיענט אלס א ווארנונג פאר שיפסלייט אין א טומאן [נעבעל].

fog'-bound *a.* (פאג'-באונד) פערהאלטען פון א טומאן [נעבעל].

The steamer was delayed two days. It was fog-bound.

fo'gey *n.* (פאו'-גי) ז. *fogy*

fog'gage *n.* (פאג'-איידזש) דאס פערטריקענטע אדער פערפוילטע גראז אויף א לאנקע אין ווינטער=צייט; דאס גראז וואס וואקסט אב נאך'ן ערשטען היי=שניט.

fog'ged *a.* (פאגד) בעדעקט מיט א נעבעל; פערדונקעלט.

fog'ger *n.* (פאג'-ער) א לאנד=ארבייטער, וועלכער גיט קארמע [פוטער] די בהמות.

fog'gily *adv.* (פאג'-אי-לי) נעבעלדיג, טומאנע; אונקלאר; דונקעל.

fog'giness *n.* (פאג'-אי-נעס) דאס זיין

טומאנע, דאס זיין נעבעלדיג; אונקלארהייט, דונקעלהייט.

fog'gy *a.* (פאג'-אי) נעבעלדיג, טומאנע; אונקלאר, דונקעל; מטושטש; דום, נאריש.

fog'-horn *n.* (פאג'-הארן) א סיגנאל־הארן אויף א שיף צו געבען סיגנאלען צו אנדערע שיפען אין א נעבעלדיגען וועטער.

fo'gie *a.* (פאו'-גיע) ז. *fogy*.

fo'gle *n.* (פאוגל) א טאשען־טוך [אויף גנבים לשון].

fog'less *a.* (פאג'-לעס) אהן א טומאן, ניט נעבעלדיג; ריין, קלאר.

fog'-sig'nal *n.* (פאג'-סיג'-נעל) א סיגנאל וואס ווערט געגעבען פון א שיף אלס ווארנונג פאר אנדערע שיפען אין א טומאן [נעבעל].

fog'-smoke *n.* (פאג'-סמאוק) א טומאן, א נעבעל.

fo'gy *n.* (פאו'-גי) אן אלט־מאדישער אדער שטארק קאנזערוואטיווער מענש; אן אויסגעדיענטער סאלדאט.

fo'gydom *n.* (פאו'-גי-דאם) אלט־מאדישקייט, קאנזערוואטיזם.

fo'gyish *a.* (פאו'-גי-איש) אלט־מאדיש; וואס האט אלט־מאדישע אדער קאנזערוואטיווע אידעען.

fo'gyism *n.* (פאו'-גי-איזם) אלט־מאדישקייט, קאנזערוואטיזם.

foh *int.* (פא) פו! פוי!

foi'ble *n.* (פאיבל) א שוואכער פונקט, א שוואכע זייט; א כאראקטער־שוואכקייט; א ניט שטארק ערנסטער פעהלער.

foil *v. and n.* (פאיל) איבערוועלטיגען, גובר זיין; פערניכטען, צו נארנישט מאכען; אראבפיהרען פון דער ריכטיגער שפור; צומישען, צוטומלען; גאנץ דינע בלעטער פון מעטאל, ווי גאלד־בלאט, צין־פאליע א. ד. ג.; פליטער־גאלד; א געמיש פון צין און קוועקזילבער מיט וואס מען בעדעקט א שפיגעל־גלאז; א ראפיר [א קליינע פעכט־שווערד]; א מעטאל־בלעטעל וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער אן עדעלשטיין צו פערגרעסערען זיין גלאנץ; א בלעטער־עהנליכע פערציערונג [אין ארכיטעקטור].

foi'lable *a.* (פאי'-לעבל) וואס קען איבערוועלטיגט ווערען; וואס קען געמאכט ווערען צו נארנישט.

foiled *a.* (פאילד) וואס האט א בלעטער־ענהליכע פערציערונג [אין ארכיטעקטור].

foiled arch (פאילד ארטש) א געוועלב אדער בויגען מיט בלעטער־עהנליכע פערציערונגען.

foi'ler *n.* (פאי'-לער) איינער וואס צומישט אדער צוטומלט; איינער וואס צושטערט אדער מאכט צו נארנישט.

foi'ling *n.* (פאי'-לינג) א לייכטע שפור פון א הירש וואס איז געגאנגען אויף פלאץ בעוואקסען מיט גראז; א פערציערונגס־בלאט [אין ארכיטעקטור].

foil one's plans (פאיל וואנז פלענז) צושטערען אימעצענס פלענער.
I will foil his plans.

foil'-stone *n.* (פאיל'-סטאון) א פאלשער, נאכגעמאכטער עדעלשטיין.

foin *v.* (פאין) דורכשטעכען מיט א שווערד, מעסער אדער שפיז.

foist *v.* (פאיסט) עטוואס אריינשטעלען אדער אריינשרייבען דורך א פאלשקייט אדער שווינדעל; שטינקען, האבען א שלעכטען ריח.

fois'ter *n.* (פאיס'-טער) איינער וואס שטעלט אריין אדער שרייבט אריין עטוואס דורך א שווינדעל אדער פאלשקייט; א פעלשער.

fold *v. and n.* (פאולד) צוזאמענלעגען; צונויפקנייטשען; ארומנעהמען; זיך צונויפקנייטשען; איינהילען, איינוויקלען; צונויפפרעסען, צונויפשפארען [ווי שעפסען אין א סטאדע]; א פאלב; אן אבצאמונג פאר שעפסען; א שאף־הערדע, א סטאדע.

fol'dage *n.* (פאול'-דיידזש) ז. *faldage*.

fold arms (פאולד ארמז) צונויפלעגען די הענד.

fold down (פאולד דאון) פערבויגען, פערקנייטשען [א בלאט].

fol'der *n.* (פאול'-דער) א קנייטשער, א צוזאמענלעגער; א פאלצער, א צוזאמענלעגער; אזא פלאך ביינדעל עהנליך צו א מעסער וואס ווערט בענוצט צום קנייטשען פאפיער; עטוואס געדרוקטעס אין איין בויגען פאפיער וואס לעגט זיך צונויף [ווי א געאגראפישע מאפע, א פלוג־בלאט א. ד. ג.].

fold in (פאולד אין) איינשליסען.

fol'ding *n.* (פאול'-דינג) דאס מאכען פאלטען; דאס קנייטשען; א פאלט; א קנייטש.

fol'ding bed (פאול'-דינג בעד) א בעט וואס לעגט זיך צוזאמען.

fol'ding chair (פאול'-דינג טשעהר) א שטוהל וואס לעגט זיך צוזאמען.

fol'ding door (פאול'-דינג דאור) א פליגעל־טהיר.

fol'ding-machine' *n.* (פאול'-דינג-מע-שין') א פאלץ־מאשין [א מאשין אין א דרוקעריי אדער בוכבינדעריי וואס קנייטשט די געדרוקטע בויגענס]; א מאשין וואס מאכט כלים פון בלעך.

fold'less *a.* (פאולד'-לעס) אהן פאלטען.

fold'-net *n.* (פאולד'-נעט) אזא נעץ פאר קליינע פויגעלעך.

fold'-yard *n.* (פאולד'-יארד) אן אבגעצאמטער פיה־הויף.

fo'lia *n.* (פאו'-לי-א) בלעטער; שיכטען. ז. *folium*.

folia'ceous *a.* (פאו-לי-איי'-שיאס) בלעטערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע שיכטען; וואס האט די פארם פון א בלאט.

fo'liage *n.* (פאו'-לי-איידזש) בעבלעטערונג; די בלעטער פון א בוים צוזאמען ווי זיי וואקסען; א בינטעל בלעטער; אין ארכיטעקטור — א בעציערונג וואס שטעלט פאר בלעטער, בלומען אדער צווייגען.

Foliage

fo'liaged *a.* (פאו'-לי-איידזשד) בעוואקסען מיט בלעטער; בעציערט מיט בלעטער. ז. *foliage*.

fo'liage-plant *n.* (פאו'-לי-איידזש-פלענט) א פלאנצע וואס ציינכענט זיך בעזאנדערס אויס מיט איהרע שעהנע בלעטער.

fo'liage-tree *n.* (פאו'-לי-איידזש-טריע) א בלעטערדיגער בוים [צום אונטערשיעד פון די נאדעל־בוימער].

fo'liar *a.* (פאו'-לי-אר) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו א בלאט.

fo'liate *v. and a.* (פאו'-לי-אייט) אויסקלאפען אין א דינעם בלאט, אויסהאמערען דין; בעלעגען מיט שפיגעל־זילבער אדער מיט צין־פאליע; אויסגעהאמערט אין דער פארם פון א דינעם בלאט אדער פלאטע; בלעטערענדיג; וואס האט בלעטער.

fo'liated *a.* (פאו'-לי-איי-טעד) אויסגעהאמערט אדער אויסגעצויגען אין דער פארם פון א בלאט; בעדעקט מיט א דינער מעטאל־פלאטע אדער מיט פאליע; בלעטערדיג; וואס בעשטעהט פון דינע שיכטען; פערציערט מיט בלעטער; אין מוזיק — וואס האט צוגעלעגטע נאטען [וועגען א מעלאדיע פון א ליעד].

folia'tion *n.* (פאו-לי-איי'-שאן) די בעבלעטערונג פון פלאנצען; דאס אויסהאמערען אדער אויסציהען מעטאל אין דינע בלעטער; דאס בעלעגען מיט שפיגעל־זילבער אדער צין־פאליע [ביים פאבריצירען שפיגלען]; דאס זיין בלעטערדיג; אין געאלאגיע — דאס זיין צונויפגעשטעלט פון דינע שיכטען; אין ארכיטעקטור — א בלעטער־פערציערונג; די נומערירונג פון א בוך לויט די בלעטער און ניט לויט די זייטען.

fo'liature *n.* (פאו'-לי-איי-טשור) ז. *foliation*.

fo'lier *n.* (פאו'-לי-ער) א בלאט [פון א בוים, פון פאפיער א. ד. ג.].

foliic'olous *a.* (פאו-לי-איק'-א-לאס) וואס וואקסט אדער געפינט זיך אויף בלעטער [וועגען פאראזיטען־פלאנצען און פאראזיטען־בעשעפענישען].

foliif'erous *a.* (פאו-לי-איפ'-ע-ראס) וואס האט בלעטער, וואס האט בלעטער־עהנליכע טיילען.

fo'liiform *a.* (פאו'-לי-אי-פארם) בלעטער־פערמיג.

fo'lio *n., a. and v.* (פאו'-ליאו) פאליא, א בויגען פאפיער צונויפגעלעגט אין צווייען; א פאליאנט, א בוך מיט האלב־בויגענדיגע בלעטער; די גרויס פון אזא בוך; א פאפיער־מאס; א בלאט אדער א זייט פון א בוך; אן איינוויקלונג אדער ראהם פאר פאפירען, מוזיק־נאטען, צייכנונגען א. ז. וו.; א געוויסע צאהל ווערטער וואס ווערט אנגענומען אלס איינהייט ביים בערעכנענען די לענג פון אן אפיציעלען דאקומענט; וואס איז שייך צו אדער וואס איז עהנליך צו א פאליא; בעצייכענען א בלאט מיט א צאהל; בעצייכענען די צאהל ווערטער וואס ווערען אנגענומען אלס פאליא־איינהייט אין אפיציעלע דאקומענטען.

fo'liole *n.* (פאו'-לי-אול) א קליין בלעטעל; א טייל פון א צוטיילטען בלאט.

fo'liomort *a.* (פאו'-לי-א-מאהרט) פון דעם קאליר פון הערבסט־בלעטער; העלברוין. ז. *feuillemorte*.

fo'liose *a.* (פאו'-לי-אוס) וואס האט קליינע בלעטלעך אדער טיילען וואס זיינען עהנליך צו אזעלכע בלעטלעך.

folios'ity *n.* (פאו-לי-אס'-אי-טי) דאס האבען אדער בעשטעהן פון בלעטלעך אדער בלעטלעך־עהנליכע טיילען; דאס האבען דעם כאראקטער, פון א גרויסען בוך, פון א פאליאנט; מאסיוויטעט, דאס בעשטעהן פון פיעל ביכער־בענדער; אויסברייטונג [אין שרייבען].

fo'lious *a.* (פאו'-לי-אס) בלעטערדיג; דין; וואס האט קליינע בלעטלעך אדער בלעטלעך־עהנליכע טיילען.

fo'lium *n.* (פאו'-לי-אם) א בלאט; א שיכט.

folk *n.* (פאוק) פאלק, מענשען, לייט, דער עולם, דער פשוט'ער עולם.

Fol'kething *n.* (פאול'-קע-טינג) דאס אונטער־הויז פון דעם דענישען פארלאמענט [ריגסדאג].

folk'-free *a.* (פאוק'-פריע) פריי, ניט פערקנעכטעט.

folk'land *n.* (פאוק'-לענד) אין דער אל־

טער ענגלישער געזעצגעבונג — דאס לאנד וואס איז ניט געוועזן דאס אייגענטום פון איינצעלנע מענשען אדער קהלות, נאר האט בעלאנגט צום גאנצען פאלק.

folk'-lore *n.* (פאוק'-לאור) פאלקלאר, די לעגענדען, טראדיציעס, מנהגים, גלויבענס א. ז. וו. פון דעם פאלק; דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דיזע לעגענדען, טראדיציעס, מנהגים און גלויבענס.

folk'loric *a.* (פאוק'-לאור-איק) וואס איז שייך צו פאלקלאר. ז. ***folk-lore***

folk'lorist *n.* (פאוק'-לאור-איסט) איינער וואס שטודירט פאלקלאר. ז. ***folk-lore***

folk'moot *n.* (פאוק'-מוטה) אין אמאליגען ענגלאנד — א פאלקס-פערזאמלונג; א לאקאל געריכט.

folk'-right *n.* (פאוק'-ראיט) דאס פאלקס-רעכט; די געזעצע וועגען די רעכטען פון'ם פשוט'ען פאלק [אין געגענזאץ צו די פריווילעגירטע קלאסען].

folk'-song *n.* (פאוק'-סאנג) א פאלקס-ליעד.

folk'-speech *n.* (פאוק'-ספיעטש) פאלקס-שפראך [אין געגענזאץ צו דער שפראך פון די געבילדעטע קלאסען אדער צו דער ליטעראַרישער שפראך].

folk'-sto'ry *n.* (פאוק'-סטאו'-רי) א פאלקס-לעגענדע.

fol'licle *n.* (פאל'-איקל) א זוימען-זעקעל, א שויט, א סטרוטשקע [ביי פלאנצען]; א קליינע עפענונג, א דין רעהרעל, א קליינע פערטיעפונג, א דריזע [ביי חיות]; ביי אינזעקטען—דער קאקאן [די איינהילונג, אין וועלכער עס ענטוויקעלט זיך אן אינזעקט פון דער לארווע].

follic'ular *a.* (פא-ליק'-יו-לאר) וואס בעשטעהט פון אדער וואס פערמאגט זוימען-זעקעלעך [ביי פלאנצען] אדער קליינע עפענונגען אדער רעהרעלעך [ביי חיות]; וואס געפינט זיך אין אזעלכע זעקעלעך, עפענונגען אדער רעהרעלעך. ז. ***follicle***

follic'ulate *a.* (פא-ליק'-יו-לייט) ז. ***follicular***

follic'ulated *a.* (פא-ליק'-יו-ליי-טעד) ז. ***follicular***

fol'low *v.* (פאל'-או) פאלגען, נאכפאלגען; פערפאלגען; נאכטהאן; נאכגעהן, בעגלייטען; שטרעבען; נאכקומען; ארויסקומען [אלס פאלגע פון אורזאכע]; אנגעהן, אנהאלטען, ערפילען די אויפגאבען, זיין בעשעפטיגט [ביי א געשעפט, מלאכה, פראפעסיאן].

fol'low direc'tions (פאל'-או די-רעק'-שאנז) זיך האלטען אן די פארשריפטען; פאלגען די בעפעהלע.

fol'lower *n.* (פאל'-א-ער) אן אנהענגער; א נאכפאלגער; א בעגלייטער; א געליעבטער; יעדער טייל פון א מאשין, וועלכער בעוועגט זיך, נאכפאלגענדיג די בעוועגונגען פון אן אנדער טייל; אין א דאמפף-מאשין — דאס דעקעל פון דער קאלבע אדער פארשען.

fol'lowers *n.* (פאל'-א-ערז) 1. א סוויטע, א בעגלייטונג; 2. אנהענגער.
2. His followers are loyal to him.

fol'lowing *a. and n.* (פאל'-א-אינג) פאלגענד, נעכסט, וואס דארף אנקומען; א סוויטע; א קאמפאניע פון נאכפאלגער.

fol'low my lea'der (פאל'-או מאי ליע'-דער) א קינדערישע שפיעל וואו איינער נאך'ן אנדערען ווערט א פיהרער, ועמען אלע מוזען פאלגען און נאכטהאן.

fol'low one's nose (פאל'-או הוואנז נאוז) געהן נאך דער נאז נאך [געהן גראד, פארוועררטס].

fol'low one's steps (פאל'-או הוואנז סטעפס) געהן אין יענעמס וועגען, נאכטהאן אימעצען.

fol'low out (פאל'-או אוט) עפעס דורכפיהרען, אויספיהרען.

fol'low prec'edents (פאל'-או פרעס'-אי-דענטס) טהאן אדער פסק'ענען ווי אמאל אין אן עהנליכען פאל.

fol'low suit (פאל'-או סיוט) שפיעלען מיט א קארט וואס איז פון איין פארב אדער מאסט מיט דער, וואס איז פריהער נעשפיעלט געווארען; פאלגען א ביישפיעל.

fol'low up (פאל'-או אפ) עפעס פערפאלגען, ווייטער אנגעהן מיט עפעס.

fol'ly *n.* (פאל'-אי) נארישקייט; שטות; א נארישע אויפפיהרונג; אן אונטערנעהמונג, וועלכע מען האט פריהער שלעכט אויסגערעכענט און וועלכע מען פערלאזט אונפערענדיגט.

foment' *v.* (פא-מענט') ערווארעמען; ערוועקען, ערמוטיגען, צוגעבען קוראזש.

fomenta'tion *n.* (פאו-מען-טיי'-שאן) ערווארמונג; ערוועקונג; ערהיצונג; ערמונטערונג.

fomen'ter *n.* (פא-מענ'-טער) אן ערוועקער, אן אויפרייצער [צו זינד]; א זאך אדער א מיטעל וואס דערווארעמט דעם קערפער.

fond *a.* (פאנד) נאריש, דום; אהן א זינען; פערריקט, משוגע; וואהנזיניג פערליעבט; ליעבליך, צערטליך; פראסט, אונווירדיג, טריוויאל; איבערגעשעצט.

fon'dle *v.* (פאנדל) לאשטשען, צערטלען; ארויסצייגען צערטליכקייט.

fond'ler *n.* (פאנד'-לער) א פערצערטלער; דער וואס צערטעלט אדער לאשטשעט.

fond'ling *n.* (פאנד'-לינג) א ליעבלינג, א שוים-קינד.*

fond'ly *adv.* (פאנד'-לי) אויף א ליעבענדער, צערטליכער ארט; משוגע'נערווייז.

fond'ness *n.* (פאנד'-נעס) צערטליכקייט; ליידענשאפט, אנהענגליכקייט; משוגעת; שוואכקייט.

fond of a drop (פאנד אוו ע דראפ) ליעב האבען דעם ביטערען טראפען.

font *n.* (פאנט) [א דער טויף-בעקען מין רעזערוואואר, אין וועלכען מען האלט דאס טויף-וואסער אין א קירך]; די גיסונג אדער שמעלצונג פון מעטאלען; א פאלשטענדיגע זארטירונג פון דרוק-שריפט.

fon'tal *a.* (פאנ'-טעל) וואס געהערט צו א קוואל אדער פאנטאן.

fon'tinel *n.* (פאנ'-טי-נעל) א קליינער קוואל אדער פאנטאן.

food *n.* (פוהד) שפייז, נאהרונג, עסענווארג.

food'-fish *n.* (פוהד'-פיש) פיש, וועלכע מען קען עסען.

food for the mind (פוהד פאר טהי מאינד) גייסטיגע שפייז.

food'ful *a.* (פוהד'-פול) נעהרענד; פרוכטבאר.

food'less *a.* (פוהד'-לעס) וואס האט ניט קיין נאהרונג; אונפרוכטבאר.

food'-plant *n.* (פוהד'-פלענט) א שפייז-פלאנצע [א פלאנצע וואס ווערט געברויכט צום עסען].

food'-stuff *n.* (פוהד'-סטאף) נאהרונגס-שטאף.

fool *n. and v.* (פוהל) א נאר, אן אידיאט; איינער וואס מאכט א נארישען אנשטעל אדער נארישע העויות; א בדחן, א מארשאליק, א חכמות-זאגער; דאס, מיט וואס מען שפיעלט זיך; מאכען נארישע אנשטעלען; שפאסען; טרייבען קאטאוועס; שפיעלען זיך מיט עפעס; מאכען איינעם צום נארען; אבנארען, בעטריגען; א געריכט פון געקאכטע פרוכט מיט שמאנט און צוקער.

fool away' (פוהל ע-הוויי') פטר'ען אומזיסט; אויסברייגנען אדער פערשווענדען עפעס אהן שום נוצען.

fool'-born *a.* (פוהל'-באהרן) נאריש פון געבורט אן.

foo'lery *n.* (פוה'-לער-אי) דומהייט, נארישקייט; א שפאס; א נארישער אנשטעל, א פארס.

fool'hardily *adv.* (פוהל'-האר-די-לי) נאריש העזה'דיג; מיט א היציגער, אונבערעכענטער דרייסטקייט.

fool'hardiness *n.* (פוהל'-האר-די-נעס) היציגע, אונבערעכענטע דרייסטקייט.

fool'hardy *a.* (פוהל'-האר-די) דרייסט אהן א וועלכער ניט איז אויסגערעכענטקייט.

foo'ling *n.* (פוה'-לינג) נארישקייטען, שטות'עריי, שפאס; נארישע אויפפיהרונג; שטיפעריי.

foo'lish *a.* (פוה'-ליש) נאריש, ווי א נאר; דום; לעכערליך, שפאסהאפט, שטיפעריש.

foo'lish bod'y (פוה'-ליש באד'-אי) א נארישער קאפ; א נאר.

foo'lishly *adv.* (פוה'-ליש-לי) מעשה נאר.

foo'lishness *n.* (פוה'-ליש-נעס) נארישקייט, דומהייט; שטיפעריי.

fools'cap *n.* (פוהלז'-קעפ) דאס נארען-היטעל, א שפיציג היטעל מיט גלעקלעך, וואס די הויף-נארען פון די אמאליגע פריצים פלעגען טראגען; א זארט גרויסע בויגענס שרייב-פאפיער [נאך דעם צייכען וואס אויף זיי איז געווען געדרוקט אין דער פארם פון א נארען-היטעל]; א מין מאלוסקעל.

fool's cor'ner (פוהלז קאר'-נער) די קונע, דער ווינקעל, אין וועלכען מען שטעלט אריין קינדער פון א שוהלע צו בעשטראפען זיי.
The pupil was put in the fool's corner.

fool's er'rand (פוהלז ער'-ענד) א כשוגענע אונטערנעהמונג, דאס יאגען זיך נאך עפעס וואס קען ניט דערגרייכט ווערען.

fool's par'adise (פוהלז פער'-ע-דאיס) דער גן-עדן פון א נאר, גליק און צופרידענהייט וואס בויט זיך אויף פאלשע האפנונגען; אוטאפיען.

fool's pars'ley (פוהלז פארס'-לי) די הונד-פעטרושקע [אזא שטינקענדיג, ניפטיג גראז].

fool'-trap *n.* (פוהל'-טרעפ) א נעץ אדער פאסטקע צו פערכאפען נארען; א נראבער איינפאל.

fool with (פוהל הוויטה) שטיפען מיט עפעס; אריינמישען זיך מיט נארעריי אדער משוגעת'ען.

foot *n. and v.* (פוט) א פוס; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פוס אין אויסזעהן אדער אין די פונקציאנען; דער אונטערשטער טייל פון עפעס; דער אונטערשטער טייל פון א בארג; פוס-סאלדאטען, אינפאנטעריע, א שטאנד, א לאגע; א פערז-פוס אין פאעזיע [מישקל

החרוזים]; אן איינהייט פון א לענגע=מאס [אין פערשיעדענע לענדער איז די מאס פון א פוס פערשיעדען. אין אמעריקא און ענגלאנד איז א פוס 12 צאל אדער אינטשעס]; געהן, טרעטען; געהן צופוס; שטעלען פעסט אויף די פיס; טרעטען מיט'ן פוס; בריקען; אונטערשטריקען א זאק; לעגען פאדעשוועס אויף שיך; צונויפרעכענען א חבור און אונטערשטעלען דעם סך=הכל; בעצאהלען, קוויטירען; צונויפרעכענען.

foot a bill (פוט ע ביל) בעצאהלען א חוב.

foot'-artil'lery *n.* (פוט'-אר-טיל'-ע-רי) פוס=ארטילעריע.

foot asleep' (פוט ע-סליעפ') אבגעזעסען א פוס.

foot'back *adv.* (פוט'-בעק) פאהרענדיג מיט די אייגענע פערד, ד. ה. געהענדיג צופוס.

foot'-ball *n.* (פוט'-באהל) א פוס=באל [אזא גרויסע לעדערנע פילקע וואס ווערט געשטויסען מיט'ן פוס]; פוס=באל=שפיעל.

foot'-band *n.* (פוט'-בענד) א ראטע פוס=סאלדאטען [אינפאנטעריע].

foot'-bath *n.* (פוט'-בעטה) א פוס=וואנע; דאס באדען די פיס אין א פוס=וואנע.

foot'-board *n.* (פוט'-באורד) א פוס=ברעט [א ברעט אין א וואגען, א שיפעל א. ד. ג. אלס א שטיצע פאר די פיס]; א פלאטפארם אויף א לאקאמאטיוו וואו דער הייצער און דער מאשיניסט שטעהען.

foot'boy *n.* (פוט'-באי) א לויף=אינגעל, א אינגעל אויף שליחות.

foot'-breadth *n.* (פוט'-ברעדטה) די ברייט פון א פוס [אלס מאס].

foot'-bridge *n.* (פוט'-ברידזש) א שטעג, א בריק פאר פוס=געהער, א קלאדקע.

foot'-cloth *n.* (פוט'-קלאטה) א פוס=דעקע; א פערד=דעקע; א פוס=טעפיך.

foot'ed *a.* (פוט'-עד) פיסיג; מיט פיס.

foot'er *n.* (פוט'-ער) א פוס=געהער.

foot'fall *n.* (פוט'-פאהל) א שריט, א טריט.

foot'-fight *n.* (פוט'-פאיט) אן אינפאנטעריע=קריעג [א מלחמה צווישען פוס=סאלדאטען].

foot'-folk *n.* (פוט'-פאוק) אינפאנטעריע, פוס=סאלדאטען.

foot'-gear *n.* (פוט'-גיער) פוס=בעקליידונג [ווי זאקען, שטיוועל, שיך].

foot'-grease *n.* (פוט'-גריעס) דער אבפאל פון באוועל=זאמען [נאכדעם ווי מען האט אויסגעקוועטשט דעם אויל].

foot'-guard *n.* (פוט'-גארד) א פוס=שוץ פאר פערד [אזא מין שיך פאר פערד].

foot'-guards *n.* (פוט'-גארדז) פוס=גוואררדיע.

foot'-halt *n.* (פוט'-האהלט) אזא שאף=קראנקהייט [די קראנקהייט פאנגט זיך אן, ווי עס ווערט אנגענומען, פון די פיס].

foot'-haw'ker *n.* (פוט'-האה'-קער) א קאראבעלניק [פעדלער], וואס געהט ארום צופוס פערקויפען זיין סחורה.

foot'-hill *n.* (פוט'-היל) א נידריגע בערגעל ביי דעם פוס פון א בארג.

foot'hold *n.* (פוט'-האולד) א פוס=שטיצע, אן ארט וואו די פיס אוועקצושטעלען.

foot'ing *n.* (פוט'-אינג) דער גאנג, דער טריט; דער פוס=שטאנד; דער פוס=באדען; א שפור פון פוס; א טאנץ; אן איינגעפונדערוועטער פלאץ; א פונדאמענט; א באזיס; א גרונדלאגע; א שטאנד, א לאגע; א געגענזייטיגע בעציהונג; דאס צושטעלען א פוס; דאס צונויפרעכענען א רייהע ציפער ווי אין א חבור; א שטוים=קאנט [פון א פרויען=קלייד]; א קערמישעל [הוליאנקע] וואס ווערט געמאכט ווען איינער טרעט אריין אין אן אמט, אין א שוהל א. ד. ג.

foot'ing-beam *n.* (פוט'-אינג-ביעם) א בינד=באלקען פון א דאך.

foot'-joint *n.* (פוט'-דזשאינט) א געלענק פון דעם פוס פון אן אינזעקט.

foot'-key *n.* (פוט'-קיע) דער פעדאל פון אן ארגעל אדער פיאנא.

foot'less *a.* (פוט'-לעס) אהן פיס; אהן א באדען, אהן א באזיס.

foot'-lick'er *n.* (פוט'-ליק'-ער) א געמיינער אונטערלעקער.

foot'lights *n.* (פוט'-לאיטס) פוס=ליכט [די לעמפלעך אויף דעם ראנד פון דער ביהנע אין טעאטער].

foot'-line *n.* (פוט'-לאין) די לעצטע שורה פון זאץ אויף א בלאט, וואו עס ווערט מייסטענס געשטעלט נור דער נומער פון בויגען אדער דער נומער פון זייט.

foot'ling *n.* (פוט'-לינג) א פיסעל.

foot'-loose *a.* (פוט'-לוהס) פראנק און פריי.

foot'man *n.* (פוט'-מען) א דיענער; א לאקיי; א פוס=סאלדאט.

foot'manship *n.* (פוט'-מען-שיפ) די בעשעפטיגונג פון א לאקיי; דאס זיין א פוס=סאלדאט.

foot'mark *n.* (פוט'-מארק) א שפור פון א פוס.

foot match (פוט מעטש) א לויף=וועט.

foot'-muff *n.* (פוט'-מאף) א פוס=זאק [אזא זאק פון פעל צו האלטען אין איהם די פיס ווינטער=צייט, ווען מען פאהרט].

foot'-note *n.* (פוט'-נאוט) א פוס=נאטע, א בעמערקונג אין א בוך, וואס ווערט געשטעלט אונטען צום ענד פון בלאט.

foot'pace *n.* (פוט'-פייס) א לאנגזאמער טריט; א פלאץ זיך אבצורוהען אויף א טרעפ.

foot'pad *n.* (פוט'-פעד) א גאסען=רויבער.

foot'-pad *n.* (פוט'-פעד) אזא שוץ=שטיוועל פאר די פיס פון פערד.

foot'-pas'senger *n.* (פוט'-פעס'-ען-דזשער) א פוס=רייזענדער.

foot'-path *n.* (פוט'-פעטה) א פוס=וועג, א פוס=שטעג [א שמאלער וועג וואס איז נאר פאר פוס=געהער].

foot'-post *n.* (פוט'-פאוסט) פאסט וואס ווערט געפיהרט צופוס; א שליח וואס געהט צופוס.

foot'-pound *n.* (פוט'-פאונד) פוס=פונט, אן איינהייט צו מעסטען ענערגיע אדער ארבייט [די ענערגיע, וועלכע פאדערט זיך אויפצוהויבען א פונט משא א פוס אין דער הויך].

foot'print *n.* (פוט'-פרינט) דער אבדרוק פון א פוס; די שפור פון א פוס.

foot'-race *n.* (פוט'-רייס) א וועט אין לויפען.

foot'-rest *n.* (פוט'-רעסט) א פוס=ביינקעלע.

foot'-rope *n.* (פוט'-ראופ) א שטריק אונטער די זעגעל=שטאנגען, אויף וועלכען מאטראזען שטעהען, ווען זיי מאכען דעם זעגעל פעסט אדער לויז.

foot'-rot *n.* (פוט'-ראט) דאס פוס=פוילען [אזא פוס=קראנקהייט ביי בהמות].

foot'-rule *n.* (פוט'-רוהל) א מאסשטאב פון א פוס [12 צאל] די לענג.

foots *n.* (פוטס) דאס אבגעשטאנענע אדער אבגעזעצטע אויף'ן דעק.

foot'-sol'dier *n.* (פוט'-סאול'-דזשער) אן אינפאנטעריע=סאלדאט, א פוס=סאלדאט.

foot'-sore *a.* (פוט'-סאור) וואס האט פוס=שמערצען [פון פיעל געהן].

foot'stalk *n.* (פוט'-סטאהק) דאס שטענגעל פון א בלום.

foot'stall *n.* (פוט'-סטאהל) דער פוס רינג פון א פרויען=זאטעל [דער רינג אין וועלכען מען שטעקט אריין דעם פוס ביים ארויפשטייגען אויף'ן פערד].

foot'step *n.* (פוט'-סטעפ) א פוס=טריט; א שפור פון א פוס.

foot'stool *n.* (פוט'-סטוהל) א פוס=ביינקעלע; א נכנע, אן אונטערטהעניגער; די ערד [אלס גאט'ס פוס=ביינקעלע].

foot'-stove *n.* (פוט'-סטאוו) א פוס=אויווענלע, א פוס=ווארימער.

foot'-ton *n.* (פוט'-טאן) אן איינהייט צו מעסטען ענערגיע אדער ארבייט [די ענערגיע וועלכע איז נויטיג צו הויבען א משא פון 2,240 פונט א פוס הויך].

foot up (פוט אפ) צוזאמענצעהלען, צוזאמענרעכענען.

foot'-valve *n.* (פוט'-וועלוו) דער גרונד=ווענטיל [אן עפענונגס=דעקעל ביי דאמפף=מאשינען מיט קאנדענזאטארען וואס געפינט זיך צווישען דער לופט=פומפע און קאנדענזאטאר].

foot'walk *n.* (פוט'-הוואהק) א טראטואר.

foot'-war'mer *n.* (פוט'-הוואהר'-מער) א פיס=ווארמער; א פוס=אויווענלע [צום ווארימען די פיס].

foot'way *n.* (פוט'-הוויי) ז. *foot-path*.

foot'-worn *a.* (פוט'-הוואורן) וואס איז מיעד געהענדיג; וואס האט פוס=שמערצען פון פיעל געהן.

foot'y *a.* (פוט'-אי) וואס איז אבגעשטאנען אדער אבגעזעצט אויף'ן דעק; ארעם; געמיין; ווערטהלאז.

foo'zle *n.* (פוהזל) א נודנע פערזאן, אן אלטער נודניק.

fop *v. and n.* (פאפ) אבחוזק מאכען; אבשפאסען, אבנארען; א נאר; א פראנט.

fop'doodle *n.* (פאפ'-דוהדל) א ניכטסווירדיגער אדער געמיינער קערל.

fop'ling *n.* (פאפ'-לינג) א פראנטעל.

fop'pery *n.* (פאפ'-ער-אי) נארישקייט; פראנטעריי; פוצעריי; בעפוצונג.

fop'pish *a.* (פאפ'-איש) פראנטיש, אויסגעפוצט.

fop'pishly *adv.* (פאפ'-איש-לי) אויף א פראנטישען שטייגער.

fop'pishness *n.* (פאפ'-איש-נעס) פראנטעריי, אייטעלקייט.

for *prep. and c.* (פאר) פאר; פיר; וועגען; אום; אויף; צו; צוליעב; אדאנק; פון וועגען; אין משך; אין פערלויף; ניט קוקענדיג אויף; כאטש; ביי אלעם דעם; ווייל; דען.

for'age *n. and v.* (פאר'-עדזש) פוראזש, עסענוואורג, שפייז; פארראט; פריפאסען; צוגרייטען פוראזש אדער עסענווארג פאר מענשען און בעזאנדערס פאר בהמות; פלינדערען, רויבען.

for'age-cap *n.* (פאר'-עדזש-קעפ) א פוראזשקע, א קליין היטעלע, וואס סאל=

דאטען טראגען בעת זיי זיינען אנגעטהאן ניט אין פולער פארם.

for'ager *n.* (פאר'-ע-דזשער) איינער וואס גרייט אן פוראזש אדער עסענווארג פאר פערד און בהמות.

for'aging *n.* (פאר'-ע-דזשינג) דאס אנ־גרייטען פוראזש אדער עסענווארג פאר פערד און בהמות.

for'aging-cap *n.* (פאר'-ע-דזשינג-קעפ) ז. *forage-cap*.

for'aging-par'ty *n.* (פאר'-ע-דזשינג-פאר'-טי) א קאמאנדע סאלדאטען וואס זאמעלט צונויף שפייז און פוטער פאר דער ארמעע אין די ארומיגע געגענדען.

for a joke (פאר א דזשאוק) אויף שפאס, אויף קאטאוועס.

for all (פאר אהל) ניט קוקענדיג אויף; כאטש.

for all I care (פאר אהל אי קעהר) פון מיינעטוועגען.

for all I know (פאר אהל אי נאו) ווי מיר איז בעוואוסט.

For all I know, he is a good man.

for all that (פאר אהל טהעט) דאך.

For all that, I don't agree with you.

for all the world (פאר אהל טהי וואירלד) פון יעדען שטאנדפונקט; פינקטליך; פאלקאם, ריכטיג.

fora'men *n.* (פא-ריי'-מען) אין אנאטא־מיע און זאאלאגיע — אן עפענונג, א לאך, א דורכגאנג.

for an age (פאר ען אײדזש) פאר א לאנגע צייט, פון א שאק מיט יאהרען.

I have not seen you for an age.

for appear'ances sake (פאר ע-פיער'-ענ-סעז סייק) לפנים, צום שיין.

for a sea'son (פאר ע סיע'-זן) אויף א געוויסער צייט.

The house was rented for a season.

for as much (פאר עז מאטש) נעהמענ־דיג אין אנבעטראכט אז; ווייל.

for a song (פאר ע סאנג) פאר א שיבעש, פאר א קלייניגקייט, זעהר ביליג.

The house was sold for a song.

for a spell (פאר ע ספעל) פאר א לאנגע צייט.

for a while (פאר ע הוואיל) אויף א ווייל־ע.

for ay (פאר איי) אויף אייביג, לעולם ועד.

for'ay *v. and n.* (פאר'-איי) ראבעווען, פלינדערען; דאס ראבירען, דאס פלינדע־רען.

for'ayer *n.* (פאר'-איי-ער) איינער וואס ראבירט אדער פלינדערט.

forbear' *v.* (פאר-בעהר') זיך איינהאל־טען; איבערטראגען; אויסהאלטען; זיך אבהאלטען פון עפעס.

forbear'ance *n.* (פאר-בעהר'-ענס) דאס איינהאלטען זיך; דאס אויסהאלטען מיט געדולד; דאס אבהאלטען זיך פון צו פא־דערען א געוויסען רעכט אויף עפעס.

forbear'ance is no acquit'tance (פאר-בעהר'-ענס איז נאו ע-קהוויט'-ענס) אבגעלעגט איז ניט אבגעניינט [אב־האלטען זיך מיינט ניט אבזאגען זיך].

forbear'er *n.* (פאר-בעהר'-ער) איינער וואס האלט זיך איין.

forbear'ing *a.* (פאר-בעהר'-אינג) גע־נייגט צו איבערטראגען.

forbear' obser'ving (פאר-בעהר' אב-זויר'-ווינג) זיך איינהאלטען פון א בע־מערקונג.

forbid' *v.* (פאר-ביד') פער־ביעטען; פער־הינדערען, פערהיטען.

forbid'den (פאר-ביד'ן) פערבאטען, פערהינדערט, פערהיט. ז. *forbid*.

forbid'denly *adv.* (פאר-ביד'נ-לי) אויף א פערבאטענעם, ניט ערלויבטען שטייגער.

forbid'der *n.* (פאר-ביד'-ער) א פער־באטער; דער אדער דאס וואס ערלויבט ניט.

forbid'ding *a.* (פאר-ביד'-אינג) אונצו־פריעדען, אונאנגענעהם, בעליידיגענד; צו־ריקשטויסענד, צוריקוויזענד.

forbid'dingly *adv.* (פאר-ביד'-אינג-לי) אויף א צוריקשטויסענדען, אונאנגע־נעהמען אדער אונצופריעדענעם שטייגער.

forbid' the banns (פאר-ביד' טהי בענז) ארויסטרעטען אפיציעל מיט אן אויסזעצונג אדער מיט טענות געגען אי־מעצענס הייראט וואס דארף פארקומען. ז. *banns*.

forbore' (פאר-באר') ערטראגען, געדול־דעט; איינגעהאלטען. ז. *forbear*.

for cause (פאר קאהז) דורך אן אורזאכע וואס איז בעשטימט דורך'ן געזעץ.

Some public officials are removable only for cause.

force *n. and v.* (פארס) קראפט, שטאר־קייט, מאכט; געוואלט; ווערטה, בעדיי־טונג, ווירקזאמקייט; אן ארגאניזאציאן, א קערפערשאפט, א קאמפאניע [הויפטזעכ־ליך מיליטעריש]; מיליטערישע קראפט; ים־מאכט; ווירקונג; צווינגען, נויטען, איבערוועלטיגען; מיט געוואלט עפעס דורכ־פיהרען אדער אויפטהאן; ארויפדרינגען; ארויפצווינגען; אויסווירקען עפעס דורך בעזונדערע מיטלען [ווי למשל, דאס וואק־סען פון פלאנצען דורך קינסטליכער ווא־רעמקייט]; זיין פון ווירקונג; זיך קימערען; זיין אונענטשלאסען, ניט ווא־גען; אנשטאפען [שפייזען]; ארומשערען, ארומהאקען [די האר אדער וואל]; אין קארטען־שפיעל — צווינגען איינעם צו שפיעלען אזוי, אז מען זאל מעהר אדער ווייניגער האבען א בעגריף וועגען זיינע קארטען.

for'ceable *a.* (פאר'-סעבל) וואס מען קען צווינגען, וואס מען קען ארויסרופען מיט געוואלט אדער מיט קינסטליכע מיט־לען.

force along' (פארס ע-לאנג') טרייבען פארוועהרטס, פארטרייבען, מיטרייסען.

force a trade (פארס ע טרייד) שטרע־בען צו פערשאפען זיך א גרויסע קונד־שאפט.

force away' (פארס ע'הוויי') אוועק־טרייבען, אבשטויסען.

force a way through (פארס ע וויי טהרו) דורכברעכען, זיך דורכברעכען א וועג.

forced *a.* (פארסט) ארויס־געצוואונגען; ערופען דורך אנשטרענגונג; אונגאטיר־ליך, קינסטליך.

forced abor'tion (פארסט ע-באר'-שאן) א געצוואונגענע פריה־געבורט [דאס מפיל זיין דורך קינסטליכע מיטלען].

forced march (פארסט מארטש) א שנעלער מארש.

for'cedness *n.* (פאר'-סעד-נעס) גע־צוואונגענהייט, געקינסטעלטקייט, אונגא־טירליכקייט.

force down (פארס דאון) ארונטער־שטויסען, ארונטערטרייבען.

forced put (פארסט פוט) א נויטפאל.

forced sale (פארסט סייל) א געצוואונ־גענער אויספערקויף פון די סחורות [ווען למשל, די בעלי־חובות צווינגען דערצו].

force for'ward (פארס פאר-ווארד) שטויסען פארוועהרטס, טרייבען פאר־וועהרטס.

force from (פארס פראם) ארויסטריי־בען; ארויסרייסען.

force'ful *a.* (פארס'-פול) שטארק, קרעפ־טיג, געוואלטיג; וואס ווערט געטריבען מיט קראפט אדער געוואלט.

force'fully *adv.* (פארס'-פול-אי) מיט קראפט; אויף א קרעפטיגען אדער געוואל־טיגען אופן.

force'fulness *n.* (פארס'-פול-נעס) קרעפטיגקייט, געוואלטזאמקייט.

force in'to (פארס אינ'-טו) אריינטריי־בען, אריינאייגען, אריינשלאגען.

force'less *a.* (פארס'-לעס) קראפטלאז, מאכטלאז.

force'meat *n.* (פארס'-מיעט) געהאקט פלייש; געהאקט פלייש אלס פילעכץ; גע־פילט פלייש.

force of arms (פארס אוו ארמז) ווא־פען־געוואלט.

force on (פארס אן) טרייבען ווייטער; ארויפצווינגען, ארויפדרינגען.

force one's hand (פארס וואנז הענד) אין קארטען־שפיעל — צווינגען איינעם צו שפיעלען אזוי אז מען זאל־ האבען מעהר אדער ווייניגער א בעגריף וועגען זיינע קארטען; צווינגען איינעם ער זאל אויפדעקען זיין כונה אדער זיינע פלענער.

force o'pen (פארס א'פן) אויפברעכען.

The house was forced open by burglars.

for'ceps *n.* (פאר'-סעפס) א צוואנג; קערפער־טיילען [ביי מענשען און אינ־זעקטען] וואס זיינען עהנליך צו ארער ווירקען ווי צוואנגען.

force'-pump *n.* (פארס'-פאמפ) א דרוק־פומפ [א פומפ וואו דאס וואסער ווערט ארויפגעבראכט דורך דרוק].

for'cer *n.* (פאר'-סער) איינער אדער עפעס וואס צווינגט צו עפעס מיט געוואלט, וואס טרייבט אדער האלט צוריק; דער קאלבען פון א דרוק־פומפ.

for cer'tain (פאר סויר'-טען) אויף געוויס, אויף בעשטימט.

forc'es *n.* (פארס'-עז) מיליטערישע מאכט; חיל.

force upon' (פארס א-פאן') ארויפ־דרינגען, ארויפצווינגען.

The action I took was forced upon me by the circumstances.

force wine (פארס הוואין) דורך קינסטליכע מיטלען מאכען וויין אויסקו־קען אלט.

for'cible *a.* (פאר'-סיבל) שטארק, קרעפ־טיג, ענערגיש, ווירקענד, געוואלטיג, גע־צוואונגען.

for'cible-fee'ble *a. and n.* (פאר'-סיבל-פיע'בל) וואס שטרעבט אויסצוזעהן כלומר'שט שטארק; איינער וואס שטרעבט אויסצוזעהן שטארק, אבוואהל ער איז שוואך.

for'cibleness *n.* (פאר'-סיבל-נעס) געוואלטזאמקייט, קרעפטיגקייט; ווירקזאמ־קייט, געצוואונגענהייט.

for'cibly *adv.* (פאר'-סי-בלי) מיט קראפט, מיט ענערגיע, מיט געוואלט; אויף א געצוואונגענעם אופן.

for'cing *a. and n.* (פאר'-סינג) צווינ־גענד, ווירקענד מיט קראפט אדער געוואלט; דאס ארויסברייננגען פלאנצען דורך קינסט־ליכער ווארעמקייט.

for'cing-house *n.* (פאר'-סינג-האוס) א טרייב־הויז [א פלאץ, וואו מען האלט

קינסטליך אויף א געוויסע טעמפעראטור, כדי פלאנצען זאלען וואקסען שנעלער און בעסער].

for'cing-pump *n.* (פאור'-סינג-פאמפ) ז. *force-pump*

for'cipate *a.* (פאר'-סי-פייט) צוואנגענעהנליך.

for'cipated *u.* (פאר'-סי-פיי-טעד) ז. *forcipate*

forcipa'tion *n.* (פאר-סי-פיי'-שאן) דאס מאטערען, דאס רייסען דאס פלייש מיט צוואנגען; דאס זיין צוואנגענעהנליך [וועגען געוויסע קערפער-טיילען ביי חיות און אינזעקטען].

ford *n. and v.* (פאורד) א פלאכער פלאץ אין א וואסער-שטראם, וואו מען קען איבערגעהן צופוס; א וואסער-שטראם, וועלכען מען דארף איבערגעהן; דורכגעהן צופוס א וואסער-שטראם, דורכבראדיען.

for'dable *a.* (פאור'-דעבל) פלאך, ניט טיעף, וואס מען קען אריבערגעהן צופוס [וועגען א וואסער].

The stream is **fordable** at all seasons of the year.

for'dableness *n.* (פאור'-דעבל-נעס) דאס זיין פלאך, ניט טיעף [וועגען וואסער] אזוי, אז מען קען עס איבערגעהן צופוס.

for days (פאר דייז) פאר פיעלע טעג.

for days togeth'er (פאר דייז טו-געטה'-ער) ז. *for days*

fordo' *v.* (פאר-דו') פערניכטען, צושטערען, רואינירען; אויסמאטערען, איבערוועלטיגען [ווי דורך מיעדקייט].

fore *prep., adv., a. and n.* (פאור) פון פאראנט; אין דער אנוועזענהייט, פאר'ן אנגעזיכט; וואס געהט פארויס, וואס געפינט זיך פון פאראנט, וואס קומט פריהער [אין צייט אדער אין פלאץ]; דער פראנט, דער פאדערשטער טייל; די פאדערשטע מאסט [ביי א שיף].

fore'-and-aft' *a. and n.* (פאור'-ענד-עפט') ביי שיפען — וואס געהט פון פאראנט נאך הינטען, וואס געהט דורך דער גאנצער לענג פון שיף; וואס שטעהט אין מיטען שיף מיט די ברעגעס צו דער מאסט [וועגען זעגלען]; א שיפעל מיט אזעלכע זעגלען; א היטעל, א קאפ מיט צוויי דאשקעס [פון פאראנט און פון הינטען].

fore'arm *n.* (פאור'-ארם) דער פאדערארם [דער טייל פון דער האנד צווישען עלענבויגען און געלענק].

forearm' *v.* (פאור-ארם') זיך פארויס בעוואפענען אדער צוגרייטען צום קאמפף.

forebear' *n.* (פאור-ביער') איינער פון די עלטערען; א זיידע, אן אור-פאטער.

fore'belief *n.* (פאור'-בי-ליעף) דער פריהערדיגער גלויבען.

forebode' *v.* (פאור-באוד') פארויסזאגען [שלעכטס, אונגליק]; פראפעצייהען, נביאות זאגען [בעזאנדערס וועגען אונגליק]; האבען א פארגעפיהל.

forebode'ment *n.* (פאור-באוד'-מענט) פארויסזאגונג, פראפעצייהונג [בעזאנדערס וועגען שלעכטס].

forebo'der *n.* (פאור-באו'-דער) א פארויסזאגער, א נביאות-זאגער [בעזאנדערס וועגען שלעכטס].

forebo'ding *n.* (פאור-באו'-דינג) א פארויסזאגונג, א פראפעצייהונג [בעזאנדערס וועגען א קומענדען אונגליק].

forebo'dingly *adv.* (פאור-באו'-דינג-לי) אויף א פראפעצייהענדען אדער ווארנענדען אופן.

fore'body *n.* (פאור'-באר-אי) דער פאדערשטער קערפער-טייל פון א שיף.

forecast' *v.* (פאור-קעסט') פארויס אורטיילען; פארהער איבערלעגען, פארהער בערענקען; פארויסזעהן.

Politicians often **forecast** the result of an election.

fore'cast *n.* (פאור'-קעסט) א פארויס-אורטיילונג; א פארויסזעהונג; פארבערענקונג, פאראיבערלעגונג.

forecas'ter *n.* (פאור-קעס'-טער) איינער וואס איבערלעגט זיך פריהער; א פארזיכטיגער; איינער וואס מאכט פלענער אין פארויס; איינער וואס אורטיילט אין פארויס.

forecas'ting *n. and a.* (פאור-קעס'-טינג) פאראיבערלעגונג, פארבערענקונג, פארויסאורטיילונג; וואס איבערלעגט זיך פריהער; וואס אורטיילט אין פארויס.

forecas'tingly *adv.* (פאור-קעס'-טינג-לי) מיט פאראיבערלעגונג, מיט פארבערענקונג; מיט פארויסאורטיילונג.

fore'castle *n.* (פאור'-קעסל) דער פאדערשטער טייל פון א שיף; דער טייל פון א שיף וואו די שיפס-מאנשאפט וואהנט.

fore'castleman *n.* (פאור'-קעסל-מען) איינער פון די מאטראזען וואס ווערען געשטעלט אין דעם פאדערשטען טייל פון שיף.

foreclose' *v.* (פאור-קלאוז') אויסשליסען; אויסשליסען פון דעם רעכט צוריק אויסצוקויפען פער'משכונ'טע גיטער.

foreclo'sure *n.* (פאור-קלאו'-זשור) אויסשליסונג; דאס אויסשליסען פון דעם רעכט אויסצוקויפען צוריק פער'משכונ'טע גיטער.

fore'court *n.* (פאור'-קאורט) דער פאדער-הויף פון א הויז.

foredate' *v.* (פאור-דייט') שטעלען א פריהערדיגען דאטום.

fore'-deck *n.* (פאור'-דעק) דער פאדער-דעק פון א שיף.

foredesign' *v.* (פאור-די-זאין') פארהער בערענקען; מאכען א פלאן אין פארויס.

foredo' *v.* (פאור-דו') צוברייטען פון פריהער; פריהער טהאן.

foredoom' *v.* (פאור-דוהם') פארהער בעשטימען; אין פארויס פעראורטיילען.

fore'-door *n.* (פאור'-דאור) א פאדער-טהיר.

fore'-end *n.* (פאור'-ענד) א פאדער-טייל.

fore'father *n.* (פאור'-פא-טהער) אן אור-פאטער.

fore'fathers' day (פאור'-פא-טהערז דיי) דער 21טער דעצעמבער, וואס ווערט געפייערט אין די ניי-ענגלאנד שטאאטען פון אמעריקא אלס אנדענקונגס-טאג, ווען די ערשטע אימיגראנטען האבען זיך אין יאהר 1620 בעזעצט אין פלימוטה, מאסאטשוזעטס.

forefeel' *v.* (פאור-פיעל') פיהלען אין פארויס, האבען א פארגעפיהל.

fore'feeling *n.* (פאור'-פיעל-אינג) א פארגעפיהל.

forefend' *v.* (פאור-פענד') פערביעטען; פערהיטען.

fore'finger *n.* (פאור'-פינ-גער) דער צייג-פינגער [דער צווייטער פינגער].

foreflow' *v.* (פאור-פלאו') פארויס פליסען.

fore'foot *n.* (פאור'-פוט) א פאדער-פוס [פון א חיה].

fore'front *n.* (פאור'-פראנט) די פאדער-רייהע; די פאדער-זייט.

foregath'er *v.* (פאור-געטה'-ער) ווערען גוט בעפריינדעט; זיך פערזאמלען, זיך טרעפען.

fore'-gift *n.* (פאור'-גיפט) א צאהלונג אין פארויס.

forego' *v.* (פאור-גאו') געהן אין פארויס; אויפגעבען, פערלאזען.

forego'er *n.* (פאור-גאו'-ער) איינער וואס געהט פארויס; א פארגעגנער; איינער פון וואס עמעס שטאמט אב; עלטערען.

forego'ing *n. and a.* (פאור-גאו'-אינג) דאס געהן פארויס; פארהערגעהענד.

foregone' *a.* (פאור-גאן') וואס איז פאריבער; פארויס בעשטימט.

fore'ground *n.* (פאור'-גראונד) א פאדער-גרונד [דער טייל פון א לאנדשאפט אדער סצענע אויף א בילד, וואס ערשיינט נעהנטער צום אויג].

fore'hammer *n.* (פאור'-העמ-ער) דער גרויסער האמער פון א שמיעד וואס האמערט צוערשט און נאכדעם קומט דער קליינער האמער.

fore'hand *n. and a.* (פאור'-הענד) דער פאדערשטער טייל פון פערד וואס איז אין פראנט פון דעם רייטער; זייענדיג אין פארויס, האבענדיג די פארהאנד.

fore'handed *a.* (פאור'-הענ-דעד) פריהצייטיג; וואס איז אין פאדער-טייל; וואס איז אין גוטע אומשטענדען.

fore'head *n.* (פאר'-עד) דער שטערען; דרייסטקייט; זיכערהייט, איינגעגלויבטקייט.

fore'hold *n.* (פאור'-האולד) דער פאדער-רוים פון א שיף.

for'eign *a.* (פאר'-איין) פרעמד, אויסלענדיש; פרעמד-ארטיג.

for'eign attach'ment (פאר'-איין עטעטש'-מענט) דאס ארויפלעגען אן ארעסט אויף אן אויסלענדער'ס אייגענטום.

for'eign coun'try (פאר'-איין קאנ'-טרי) אויסלאנד.

for'eigner *n.* (פאר'-איינ-ער) א פרעמדער, אן אויסלענדער.

for'eignism *n.* (פאר'-איינ-איזם) דאס זיין פרעמד אדער אויסלענדיש; א פרעמדער אויסדרוק אדער מנהג.

for'eignize *v.* (פאר'-איינ-איז) ווערען אן אויסלענדער; זיך אננעהמען מיט אויסלענדישע אידעען אדער געוועהנהייטען.

for'eign let'ter-pa'per (פאר'-איין לעט'-ער-פיי'-פער) דין פאסט-פאפיער.

for'eignness *n.* (פאר'-איינ-נעס) פרעמדקייט.

for'eign of'fice (פאר'-איין אפ'-איס) דאס מיניסטעריום פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען.

for'eign sec'retary (פאר'-איין סעק'-רי-טער-אי) דער מיניסטער פון אויסערען [פאר אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען].

forejudge' *v.* (פאור-דזשאדזש') אורטיילען פארויס, אורטיילען ניט אויסהערענדיג די פאקטען און בעווייזע.

forejudg'ment *n.* (פאור-דזשאדזש'-מענט) דאס אורטיילען איידער מען בעקענט זיך מיט די פאקטען און בעווייזע; א פאראורטייל.

foreknew' (פאור-ניו') פארהער געוואוסט. ז. *foreknow*

foreknow' *v.* (פאור-נאו') פארהערוויסען; וויסען אין פארויס.

foreknow'able *a.* (פאור-נאו'-עבל) וואס מען קען וויסען פון פריהער.

foreknow'er *n.* (פאור-נאו'-ער) דער וואס ווייסט פון פריהער.

God is the **foreknower** of all things.

foreknow'ingly *adv.* (פאור-נאו'-אינג-לי) וויסענדיג פריהער אדער פאר-אויס.

foreknowl'edge *n.* (פאור-נאל'-עדזש) דאס וויסען אין פארויס, דאס וויסען פון פריהער.

foreknown' *a.* (פאור-נאון') פון פריה-ער געוואוסט. ז. ***foreknow***

for'el *n. and v.* (פאר'-על) פארמעט [צום איינבינדען ביכער]; איינבינדען אין פארמעט.

fore'lady *n.* (פאור'-ליי-די) די הויפט-מייסטערין אין א פאבריק; אן אויפזעהערין אין אן אבטיילונג פון א געשעפט.

fore'land *n.* (פאור'-לענד) דאס פאר-לאנד [א שטיק לאנד וואס רוקט זיך ארויס אין ים].

fore'lock *n.* (פאור'-לאק) די פאדער-האר פון קאפ [טשופרינע]; א שטיקעל אייזען וואס ווערט דורכגעשטעקט דורך א לאך ביים ענד פון א באלצען, כדי מען זאל איהם ניט קענען ארויסציהען.

fore'man *n.* (פאור'-מען) א פארמאן, דער הויפט-מייסטער אין א פאבריק; דער הויפט-מאן פון געריכטס-געשווארענע.

fore'manship *n.* (פאור'-מען-שיפ) דאס אמט, די שטעלע אדער די ארבייט פון דעם הויפט-מייסטער אין א פאבריק אדער פון דעם הויפט-מאן פון געריכטס-געשווארענע.

fore'mast *n.* (פאור'-מעסט) די פאדער-מאסט פון א שיף.

fore'mastman *n.* (פאור'-מעסט-מען) דער מאטראז אויף דער פאדער-מאסט; א געוועהנליכער מאטראז.

fore'-men'tioned *a.* (פאור'-מענ'-שאנד) אויבען-דערמאנט; אויבען-געשריבען.

fore'most *a.* (פאור'-מאוסט) וואס איז דער ערשטער, דער וויכטיגסטער אדער בע-ריהמטסטער.

Abraham Lincoln is the **foremost** character in American history.

fore'name *n.* (פאור'-ניים) דער פאר-נאמען, דער ערשטער אדער פערזענליכער נאמען פון א מענשען אויסער זיין פאמי-ליען-נאמען.

fore'named *a.* (פאור'-ניימד) וואס איז אויבען-דערמאהנט, הנ"ל.

fore'noon *n. and a.* (פאור'-נוהן) פארמיטאג-צייט; פון פארמיטאג-צייט; וואס איז שייך צו פארמיטאג-צייט.

forenoon' *n.* (פאור-נוהן') פארמיטאג-צייט.

fore'notice *n.* (פאור'-נאו-טיס) א פאר-לויפיגע מיטטיילונג; א פארבעדייטונג, א פאר-צייכען.

foren'sic *a. and n.* (פא-רענ'-סיק) וואס איז שייך צו אן עפענטליכער דיסקו-סיאן אדער דעבאטע; יורידיש, געריכט-ליך; וואס איז שייך צום געריכט; א גע-שריבענער אדער ארויסגעשפראכענער אר-גומענט.

foren'sic abil'ity (פא-רענ'-סיק ע-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט צו ארגומענטי-רען אדער דעבאטירען.

Not all lawyers must possess **forensic ability**.

foren'sical *a.* (פא-רענ'-סי-קעל) ז. ***forensic***

foren'sic med'icine (פא-רענ'-סיק מעד'-אי-סין) די געריכטליכע מעדיצין [די וויסענשאפט, וועלכע בעהאנדעלט פערשיעדענע מעדיצינישע פראגען בנוגע צו יורידישער און געריכטליכער פראקטיק, ווי למשל, ווען און צוליעב וועלכע אור-זאכען איז געשעהן דער טויט פון א דער-הרג'עטען ביי א מארד-פראצעס א. ד. ג.].

foreordain' *v.* (פאור-אר-דיין') פאר-הער אדער פון פארויס בעשטימען.

foreordina'tion *n.* (פאור-אר-די-ניי'-שאן) פאהרהער-בעשטימונג; פרעדעס-טינאציאן [די לעהרע, אז גאט, איידער ער האט בעשאפען די וועלט, האט פארויס בעשטימט יעדע זאך וואס וועט פאסירען אין לעבען].

fore'part *n.* (פאור'-פארט) א פאדער-טייל; דער פראנט.

fore'payment *n.* (פאור'-פיי-מענט) פארויסבעצאהלונג.

foreplan' *v.* (פאור-פלען') פארויס פלא-נעווען, פארויס בעשטימען.

forerun' *v.* (פאור-ראן') פאר-לויפען; קומען פריהער; אנזאגען.

forerun'ner *n.* (פאור-ראנ'-ער) א פאר-לויפער; א שליח וואס לויפט פארויס; א פאר-צייכען.

fore'sail *n.* (פאור'-סייל) א פאדער-זעגעל פון א שיף.

foresaw' (פאור-סאה') פארגעזעהן. ז. ***foresee***

foresay' *v.* (פאור-סיי') פארויסזאגען, בעשטימען פארויס; נביאות זאגען.

foresee' *v.* (פאור-סיע') פארהערזעהן, פארויסזעהן.

foresee'ing *a.* (פאור-סיע'-אינג) פאר-אויסזעהענד; וואס זעהט וואס שפעטער וועט זיין.

foresee'ingly *adv.* (פאור-סיע'-אינג-לי) דורך פארויסזעהן פריהער וואס עס וועט פארקומען; מיט א בליק פון א נביא.

foreseen' *a.* (פאור-סיען') פארויסגע-זעהן. ז. ***foresee***

forese'er *n.* (פאור-סיע'-ער) א פארויס-זעהער, איינער וואס ווייסט וואס עס וועט שפעטער פאסירען.

fore'shadow *n.* (פאור'-שעד-או) דאס פארויס אנווייזען אויף עפעס וואס דארף פאסירען אדער אנקומען.

foreshad'ow *v.* (פאור-שעד'-או) פאר-אויס אנדייטען.

foreshad'ower *n.* (פאור-שעד'-א-ער) איינער וואס דייטעט אן פארויס אויף א זאך, וועלכע דארף פאסירען.

foreshad'owing *n.* (פאור-שעד'-א-אינג) די בילדליכע פארשטעלונג, דאס פארשטעלען אין בילדער.

fore'shaft *n.* (פאור'-שעפט) א שטיקעל האלץ אדער ביין וואס ווערט צוגעזעצט צום אויבערשטען טייל פון א פייל פון בויגען, כדי צוצוגעבען איהר מעהר גע-וויכט.

fore'-sheet *n.* (פאור'-שיעט) א שטריק מיט וואס מען האלט צו די פאדערשטע זעגעל אין א שיף.

fore'ship *n.* (פאור'-שיפ) דער פאדער-שטער אויסגעבויגענער טייל פון א שיף.

fore'shore *n.* (פאור'-שאור) דער פלא-כער ברעג פון ים, וועלכער בלייבט טרו-קען אין דער צייט פון וואסער-אבפאל אדער עבע.

foreshor'ten *v.* (פאור-שאהר'-טען) אין צייכנען — פערקירצען [פארשטעלען א פיגור אין פערספעקטיווע אזוי, אז עס זאל זיך בעקומען א פארשטעלונג פון איהר גאנצער לענג, באטש עס איז בעוויזען גע-ווארען נור א טייל פון דיעזער לענג].

foreshort'ening *n.* (פאור-שאהרט'-נינג) אין צייכנען — די פערקירצונג. ז. ***foreshorten***

foreshow' *v.* (פאור-שאו') פארהער אנ-צייגען, פארויס אנווייזען.

foreshown' *a.* (פאור-שאון') פארהער אנגעצייגט. ז. ***foreshow***

fore'side *n.* (פאור'-סאיד) די פאדערשטע זייט, די אויסען-זייט, דער פראנט.

fore'sight *n.* (פאור'-סאיט) דאס פארויס-זעהן; דאס פארהער-וויסען; די פארזיכט.

fore'skin *n.* (פאור'-סקין) די פארהויט, די ערלה.

fore'sleeve *n.* (פאור'-סליעוו) דער פא-דערשטער טייל פון אן ארבעל [פון גע-לענק ביז'ן עלענבויגען].

forespur'rer *n.* (פאור-ספויר'-ער) איינער וואס רייט פארויס.

for'est *n., a. and v.* (פאר'-עסט) א וואלד; וואס איז שייך צו וואלד; בעדע-קען מיט וואלד.

fore'-staff *n.* (פאור'-סטעף) אן אינ-סטרומענט וואס מען פלעגט אמאל געברוי-כען אויסצוגעפינען די הויך פון דער זון אדער פון די שטערען.

for'estage *n.* (פאר'-עס-טיידזש) אן אבצאהל פאר די אויפזעהער פון די קע-ניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד]; די דיענסטע פון אן אויפזעהער פון קעניגלי-כע וועלדער.

for'estal *a.* (פאר'-עס-טעל) וואס איז שייך צו וואלד.

forestall' *v.* (פאור-סטאהל') פערכאפען פריהער, פערלויפען דעם וועג, אויסקויפען עפעס אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען נאכדעם העכערען דעם פרייז; פערשטע-לען דעם וועג, איבערנעהמען אויף'ן וועג.

forestall'er *n.* (פאור-סטאהל'-ער) איי-נער וואס פערכאפט פריהער, וואס פער-לויפט דעם וועג אדער וואס קויפט אויס די גאנצע וואארע אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז.

forestall'ing *n.* (פאור-סטאהל'-אינג) דאס פערלויפען דעם וועג ביים אויפקויפען וואארע, דאס אויסקויפען די גאנצע וואארע, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז; דאס אויסקויפען די וואארע אויף'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק; דאס איינרייידען די יעניגע וואס פיהרען סחורה צום מארק, אז זיי זאלען די סחורה אהין ניט פיהרען, אדער אז זיי זאלען דארט העכערען דעם פרייז.

fore'stay *n.* (פאור'-סטיי) א דיקער שטריק וואס האלט אונטער די פאדער-מאסט [אויף א שיף].

for'ester *n.* (פאר'-עס-טער) א וואלד-אויפזעהער; א וואלד-וועכטער; א וואלד-איינוואהנער, אן איינוואהנער פון א וויל-דערניש; דער גינאנט-קעננגורו [אזא חיה]; אזא שמעטערלינג.

For'esters *n.* (פאר'-עס-טערז) א געווי-סער ברידערליכער ארדען אין ענגלאנד און אמעריקא.

for'estership *n.* (פאר'-עס-טער-שיפ) דאס אמט פון א וואלד-אויפזעהער.

for'est-folk *n.* (פאר'-עסט-פאוק) וואלד-איינוואהנער [וועלען מענשען, חיות אדער וועזען די פערשיעדענע גייסטער וואס האל-טען זיך, לויט דעם פאלק'ס גלויבען, אין די וועלדער].

fore'stick *n.* (פאור'-סטיק) די פאדער-שטע האלץ-שייט וואס ברענט אין אן אויוועז.

for'estine *a.* (פאר'-עס-טין) וואס איז שייך צו וואלד; וואס לעבט אדער וואקסט אין וואלד.

for'est-laws *n.* (פאר'-עסט-לאהז) געזעצע וועגען וועלדער, רעגולירונגען וועגען האקען וועלדער און וועגען יאגד אין די וועלדער.

for'estry *n.* (פאר'-עס-טרי) וואלד־וויסענשאפט; די אבצאהלונגען צו די אויפזעהער פון די קעניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד].

for'est-tree *n.* (פאר'-עסט-טריע) א וואלד־בוים [אין געגענזאץ צו די קולטיווירטע פרוכט־ביימער].

fore'summer *n.* (פאור'-סאמ-ער) א פריהער זומער.

fore'taste *n.* (פאור'-טייסט) א פארגעשמאק; א פארגעפיהל.

foretaste' *v.* (פאור-טייסט') האבען א פארגעשמאק אדער פארגעפיהל; פערזוכען עפעס פריהער פון אן אנדערען.

foretas'ter *n.* (פאור-טייס'-טער) איינער וואס האט א פארגעשמאק אדער פארגעפיהל.

foretell' *v.* (פאור-טעל') פארויסזאגען, פראפעצייהען.

foretell'er *n.* (פאור-טעל'-ער) א פארויסזאגער, א פראפעצייהער, א נביא.

forethink' *v.* (פאור-טהינק') פארבעדענקען; פארבעטראכטען.

fore'thought *n.* (פאור'-טהאהט) פארבעדאכט, פארזיכטיגקייט, איבערלעגונג.

fore'time *n.* (פאור'-טאים) פריהריגע צייט, אמאליגע צייט.

foreto'ken *v.* (פאור-טאו'קן) ז. *foreshadow*.

fore'token *n.* (פאור'-טאוקן) ז. *foreshadow*.

foretoke'ning *n.* (פאור-טאוק'-נינג) ז. *foreshadowing*.

foretold' (פאור-טאולד') פארויסגעזאגט. ז. *foretell*.

fore'-tooth *n.* (פאור'-טוהטה) א פאדערשטער־צאהן, א שנייד־צאהן.

fore'top *n.* (פאור'-טאפ) די האר אדער די לאקען וואס הענגען אריבער איבער'ן שטערען; די פלאטפארם אויף דעם פאדערשטען מאסט [אויף א שיף].

fore'topman *n.* (פאור'-טאפ-מען) א וועכטער אויף דעם פאדערשטען מאסט [אויף א קריעגס־שיף].

fore'topmast *n.* (פאור'-טאפ-מעסט) דער שפיץ פון דעם פאדערשטען מאסט איבער דער וואך־פלאטפארם.

forev'er *adv.* (פאר-עוו'-ער) אויף תמיד, אויף אימער, אימער און אייביג.

for ev'er (פאר עוו'-ער) אויף אלע מאל.

for ev'er and a day (פאר עוו'-ער ענד ע דיי) אימער און אייביג.

forev'ermore *adv.* (פאר-עוו'-ער-מאור) פון היינט אן אויף אייביג; לעולם ועד.

forevouch' *v.* (פאור-וואוטש') פארויס פערזיכערען, פארויס בעשטעטיגען.

forewarn' *v.* (פאור-הוואהרן') פארויס ווארנען, פארויס מזהיר זיין.

forewar'ning *n.* (פאור-הוואהר'-נינג) א ווארנונג, אן אזהרה.

foreweigh' *v.* (פאור-הוויי') פארויס אבשאצען, פארויס בעשטימען די אויסגאבען.

fore'wind *n.* (פאור'-הווינד) א גינסטיגער ווינד, א ווינד וואס בלאזט אין דער ריכטונג וואהין די שיף דארף געהן.

forewish' *v.* (פאור-הוויש') פארויס ווינשען, וועלען אדער פערלאנגען.

fore'woman *n.* (פאור'-הוואומ-ען) די הויפט־מייסטערין אין א פאבריק; אן אויפזעהערין אין אן אבטיילונג פון א געשעפט.

fore'word *n.* (פאור'-הוואירד) א פאר־ווארט [צו א ליטערארישען ווערק].

fore'world *n.* (פאור'-הוואירלד) די פריהריגע וועלט; די וועלט אין איהר פריהריגען צושטאנד; די וועלט פאר'ן מבול.

for exam'ple (פאר עג-זעמ'פל) למשל, צום ביישפיעל.

for fear (פאר פיער) אוים מורא.

for'feit *v., n. and a.* (פאר'-פיט) פערלירען [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; ברייגגען צו א פערלוסט [אלס שטראף]; עטוואס וואס מען פערלירט אלס שטראף; א שטראף; א קאנפיסקירונג; א פאנד [א זאך נעגעבען אלס משכון אין שפיעלען]; פערלארען [אלס שטראף].

for'feitable *a.* (פאר'-פי-טעבל) וואס מען קען צונעהמען, וואס מען קען קאנפיסקירען אדער וואס מען קען פערלירען אלס שטראף פאר א פערברעכען אדער פערנאכלעסיגונג.

for'feit cred'it (פאר'-פיט קרעד'-איט) פערלירען דעם קרעדיט, פערלירען דעם נאמען.

for'feiter *n.* (פאר'-פיט-ער) איינער וואס פערלירט עפעס [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; איינער, ביי וועמען מען קאנפיסקירט עפעס.

for'feit of the law (פאר'-פיט אוו טהי לאה) א פערברעכען געגען געזעץ.

for'feits *n.* (פאר'-פיטס) א פאנדען־שפיעל.

for'feiture *n.* (פאר'-פי-טשור) דאס פערלירען עטוואס [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; קאנפיסקירונג; דאס וואס ווערט קאנפיסקירט אדער וואס ווערט פערלארען [אלס שטראף]; א שטראף.

for'fex *n.* (פאר'-פעקס) א שער.

for'ficate *a.* (פאר'-פי-קייט) וואס זעהט אוים ווי א צועפענטע שער [וועגען דעם עק ביי פויגלען].

forfica'tion *n.* (פאר-פי-קיי'-שאן) דאס זיין עהנליך צו א פאנאנדערגעעפענטער שער [ווי למשל, דער עק פון געוויסע פויגלען].

forgave' (פאר-גייוו') מוחל געווען. ז. *forgive*.

forge *n. and v.* (פאורדזש) א שמיעד־הויז, א קוזניע; א ווערקשטאט; א טיגעל, א שמעלץ־אויווען; אן אייזען־פאבריק; שמיעדען; מאכען עפעס; ערפינדען; פעלשען, מאכען א פעלשונג; זיך שלעפען, לאנגזאם זיך בעוועגען [הויפטזעכליך וועגען א שיף].

forgeabil'ity *n.* (פאור-דזשע-ביל'-אי-טי) שמיעדבארקייט, די פעהיגקייט צו ווערען געשמיעדט.

for'geable *a.* (פאור'-דזשעבל) שמיעדבאר, וואס מען קען שמיעדען; וואס מען קען פארמירען, מאכען, אויסטראכטען אדער ערפינדען; וואס מען קען פעלשען.

forge'-bel'lows *n.* (פאורדזש'-בעל'-אוז) א בלאז־זאק [פון א שמיעד].

forge'-ham'mer *n.* (פאורדזש'-העמ'-ער) א שמיעד־האמער.

for'ger *n.* (פאור'-דזשער) איינער וואס שמיעדט, מאכט אדער פארמירט עפעס; א שמיעד; איינער וואס פעלשט.

for'gery *n.* (פאור'-דזשער-אי) פעלשונג [פון פאפיערען אדער אונטערשריפטען].
The bank clerk was found guilty of **forgery**.

forge'-scale *n.* (פאורדזש'-סקייל) שמיעד־שופען [די דינע שופען וואס פאלען אב ביים שמיעדען געגליהט אייזען].

forget' *v.* (פאר-געט') פערגעסען, ארויסלאזען פון זינען, פערזעהן.

forget'able *a.* (פאר-געט'-עבל) פערגעסבאר, וואס מען קען פערגעסען, וואס קען ארוים פון זכרון.

forget'ableness *n.* (פאר-געט'-עבל-נעס) פערגעסבארקייט.

forget'ful *a.* (פאר-געט'-פול) פערגעסליך, פערגעסענד; אונאויפמערקזאם, צוטראגען, נאכלעסיג; וואס ברייננט דערצו, מען זאל פערגעסען.

forget'fully *adv.* (פאר-געט'-פול-אי) פערגעסענד; מיט אונאויפמערקזאמקייט; מיט נאכלעסיגקייט, מיט צוטראגענקייט.

forget'fulness *n.* (פאר-געט'-פול-נעס) פערגעסליכקייט; אונאויפמערקזאמקייט, נאכלעסיגקייט, צוטראגענקייט.

forget'-me-not *n.* (פאר-געט'-מי-נאט) פערגעס־מיך־ניט [א בלימעל מיט הימעל־בלויע בלעטלעך און אין מיטען געלב. ווערט בעטראכט אלס סימבאל פון פריינדשאפט. וואקסט מעהרסטענטייל אין פייכטע געגענדען].

Forget-me-not

forget' one's self (פאר-געט' הוואנז סעלף) זיך פערגעסען, פערלירען די קאנטראלע איבער זיך; זיין ניט איינגעננוציג.

forge'-tongs *n.* (פאורדזש'-טאהנגז) א שמיעד'ס פייער־צוואנג.

forget'table *a.* (פאר-געט'-עבל) ז. *forgetable*.

forget'tableness *n.* (פאר-געט'-עבל-נעס) ז. *forgetableness*.

forget'ter *n.* (פאר-געט'-ער) א פערגעסער, א בעל־שכחה; אן אונאויפמערקזאמער, נאכלעסיגער, צוטראגענער מענש.

forget'tingly *adv.* (פאר-געט'-אינג-לי) פערגעסענדיג; מיט צוטראגענקייט.

forge'-wa'ter *n.* (פאורדזש'-הוואה'-טער) וואסער, אין וועלכען א שמיעד האט איינגעטונקען זיין אנגעגליהטע צוואנג [ווערט געברויכט פון אבערגלויבישע מענשען אלס מיטעל געגען איינינע קראנקהייטען].

for'ging *n. and a.* (פאור'-דזשינג) אן אויסגעשמיעדט שטיק מעטאל; דאס שמיעדען; דאס מאכען אדער פארמירען; פעלשונג; שמיעדענדיג, מאכענדיג, פארמירענדיג; פעלשענדיג.

forgiv'able *a.* (פאר-גיוו'-עבל) וואס מען קען פערצייהען, מוחל זיין אדער פערגעבען.

forgive' *v.* (פאר-גיוו') פערגעבען, פערצייהען, ענטשולדיגען, מוחל זיין.

forgive' free'ly (פאר-גיוו' פריע'-לי) גערן אדער פאלשטענדיג מוחל זיין.

forgive'ness *n.* (פאר-גיוו'-נעס) פערגעבונג, פערצייהונג, מחילה.

forgiv'er *n.* (פאר-גיוו'-ער) איינער וואס איז מוחל.

forgiv'ing *a.* (פאר-גיוו'-אינג) פערגעבענד; מילד, גוטמוטיג, גוטהערציג, מיטפיהלענד.

forgiv′ingly *adv.* (פאר־גיוו′־אינג־לי) אויף א פערגעבענדער, מיטפיהלענדער, מילדער אדער גוטהערציגער אופן.

forgiv′ingness *n.* (פאר־גיוו′־אינג־נעס) דאס זיין געניינט מוחל צו זיין; מילדקייט; גוטהערציגקייט.

forgo′ *v.* (פאר־גאו′) אויפגעבען; פערלאזען.

for God′s sake! (פאר גאדז סייק) אום גאטעס ווילען!

forgo′er *n.* (פאר־גאו′־ער) ז. *foregoer*

for good (פאר גוד) אויף אימער; גענצליך; ענדגילטיג.
He left his position **for good.**

for good′ness′ sake (פאר גוד′־נעס סייק) אום גאטעס ווילען!

forgot′ (פאר־גאט′) פערגעסען. ז. *forget*

forgot′ten *a.* (פאר־גאט′ן) פערגעסען. ז. *forget*

for heav′en′s sake (פאר העוו′נז סייק) אום הימעל′ס ווילען! אום גאטעס ווילען!

for in′stance (פאר אינ′־סטענס) צום ביישפיעל, למשל.

forisfamil′iate *v.* (פאו־ריס־פע־מיל′־אי־אייט) אויסשליסען פון דער פאמיליע; בעפרייען פון דעם פאטער′ס מאכט [וועגען א זוהן, ווען מען גיט אוועק זיין טייל פון פאטער′ס ירושה נאך ביים פאטער′ס לעבען].

forisfamilia′tion *n.* (פאו־ריס־פע־מיל־אי־איי′־שאן) אויסשליסונג פון דער פאמיליע; בעפרייאונג פון דעם פאטער′ס מאכט [וועגען א זוהן וואס קריגט זיין טייל ירושה נאך ביים פאטער′ס לעבען]; דאס פארמעלע אבזאגען זיך פון אזא זוהן פון זיין רעכט אויף ירושה נאך′ן פאטער′ס טויט.

forjudge′ *v.* (פאר־דזשאדזש′) צונעהמען דורך א געריכטס־אורטייל; אוועקנעהמען דאס רעכט צו ערשיינען אין געריכט [ביי אן אדוואקאט].

fork *n. and v.* (פאהרק) א גאפעל, א גראבליע; א ווידלע [א היי־גאפעל אדער מיסט־גאפעל]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א גאפעל אדער צו א ווידלע; א טייל, אן אבצווייגונג פון עפעס וואס צוטיילט זיך אדער צושפאלט זיך ווי די צייהן ביי א גאפעל; די פיס; א געשטעל אוועקצולעגען די ביקס ביים צילעווען זיך; אננעהמען עפעס מיט א גאפעל, ווידלע אדער גראבליע; אויספומפען וואסער פון א שאכט; ווערען צוטיילט ווי די צייהן פון א גאפעל, אננעהמען די פארם פון א גאפעל.

forked *a.* (פאהרקט) גאפעל־עהנליך; געטיילט [ווי א גאפעל]; שפיציג; צוויי־דייטיג.

forked light′ning (פאהרקט לאיט′־נינג) א זיגזאג־בליץ.

for′kedly *adv.* (פאהר′־קעד־לי) אין דער פארם פון א גאפעל.

for′kedness *n.* (פאהר′־קעד־נעס) דאס זיין געטיילט ווי א גאפעל.

forked road (פאהרקט ראוד) א שיידע־וועג, א פלאץ וואו וועגען שניידען זיך איבער.

forked way (פאהרקט וויי) ז. *forked road*

for keeps (פאר קיעפס) אויף בעשטענדיג, אויף אימער, אלס א געשענק.
He gave me the book **for keeps.**

fork′-head *n.* (פאהרק′־העד) א שיס־פייל מיט צוויי שפיצען.

fork out (פאהרק אוט) זיך צוטיילען, זיך צושפאלטען, ווערען גאפעלפערמיג; אבצאהלען; ארויסשלעפען פון די קעשענעס.

fork o′ver (פאהרק או′־ווער) אבצאהלען.

fork′-rest *n.* (פאהרק′־רעסט) א געשטעל אוועקצולעגען די ביקס ביים צילעווען זיך.

for′ky *a.* (פאהר′־קי) ז. *forked*

for less (פאר לעס) וועניגער, ביליגער.

for life (פאר לאיף) אויף′ן גאנצען לעבען.

forlorn′ *a. and n.* (פאר־לאהרן′) הילפלאז, אונגליקליך; איינזאם, עלענד, פערלאזען; בערויבט פון עפעס; קליין, פעראכטליך; א פערלאזענער, אונגליקליכער, עלענדער מענש.

forlorn′ hope (פאר־לאהרן′ האופ) אן אבטיילונג סאלדאטען וואס איז בעשטימט צו געהן פאראויס ביי אן אטאקע אדער וואס איז בכלל בעשטימט פאר געפעהרליכע קריעגס־אונטערנעהמונגען; אן אונטערנעהמונג וואס האט וועניג אויסזיכטען אויף ערפאלג.

forlorn′ly *adv.* (פאר־לאהרן′־לי) איינזאם, עלענד, הילפלאז, אונגליקליך, פערלאזען.

forlorn′ness *n.* (פאר־לאהרנ′־נעס) פערלאזענהייט, עלענד, הילפלאזיגקייט, אונגליקליכע לאגע.

form *n. and v.* (פארם) פארם, געשטאלט, געשטאלטונג, געבוי; שעהנע געשטאלט; א מאדעל; אין דרוקעריי — דרוק־זאץ געשלאסען אין א ראהם; רעגעלמעסיגקייט, איינארדנונג, ארדנונג, מעטאדע, סיסטעם; א פארמולע; אויסערליכקייט; סטיל [אין שרייבען]; פארמאליטעט, צערעמאניע; איינקלאנג מיט דעם קאנווענציאנעלען אדער אלגעמיין־אנגענומענעם; אויסזעהן, עהנליכקייט; פאלקאמענהייט, פאלשטענדיגע צוגעפאסטקייט [צו מעסטען זיך אין כחות]; א בלאנק, א דאקומענט וואס דיענט אלס פארם אדער וועלכען מען דארף ערשט אויספילען; די טעאריע פון מוזיקאלישער קאמפאזיציאן; א לאנגע באנק; תלמידים וואס זיצען אויף איין באנק; א קלאס [אין לעהר־אנשטאלטען אדער אין א געזעלשאפט]; די נעסט פון א האז; א ספעציעלער מין; א גאטונג [הויפטזעכליך וועגען חיות]; פארמירען, געשטאלטען, בילדען, שאפען, מאכען, אויסארבייטען; צוזאמענשטעלען, זיין א טייל פון עפעס; אננעהמען א געוויסע פארם; לויפען צו א בעהעלטעניש אדער צו א נעסט [וועגען א האז].

for′mable *a.* (פאר′־מעבל) וואס מען קען פארמירען.

for′mal *a.* (פאר′־מעל) פארמעל; וואס איז לויט די אנגענומענע פארמען; סיסטעמאטיש, רעגעלמעסיג; אפיציעל; קאנווענציאנעל [נאך דעם אלגעמיין־אנגענומענעם]; פארמאליסטיש, מעטאדיש; וואס האלט זיך אן אלעס וואס איז קאנווענציאנעל; צערעמאניש; פינקטליך; וואס איז שייך נור צו דער פארם, אויסערליך.

formal′dehyde *n.* (פאר־מעל′־די־האיד) אזא גאז וואס ווערט בענוצט פאר אנטיסעפטישע צוועקען [צו פערניכטען מיקראבען].

for′malism *n.* (פאר′־מעל־איזם) פארמאליזם, פעדאנטיזם, דאס זיין פארמעל; איבערטריבענע פינקטליכקייט; שטרענגע האלטונג אן בעשטימטע כללים און פארמען; אין פילאזאפיע — פענאמענאלער אידעאליזם, די סיסטעם וואס לייקענט אב די עקזיסטענץ פון שטאף און אנערקענט נור די פארם.

for′malist *n.* (פאר′־מעל־איסט) א פארמאליסט, א פעדאנט, איינער וואס איז איבערטריבען פינקטליך, איינער וואס האלט זיך צו שטרענג אן בעשטימטע כללים אדער אן דעם אלגעמיין־אנגענומענעם; אין פילאזאפיע — אן אידעאליסט, איינער וואס לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון שטאף און אנערקענט נור די עקזיסטענץ פון דער פארם.

formalis′tic *a.* (פאר־מע־ליס′־טיק) פארמאליסטיש, פעדאנטיש. ז. *formalism*

formal′ity *n.* (פאר־מעל′־אי־טי) פארמאליטעט, אנגענומענע כללים אדער ארדנונג, דאס זיין פארמאליסטיש אדער פעדאנטיש, דאס זיין איבערטריבען פינקטליך; דאס האלטען זיך צו שטרענג אן בעשטימטע כללים אדער אן דעם אלגעמיין־אנגענומענעם.

for′malize *v.* (פאר′־מעל־איז) מאכען פארמאליסטיש, מאכען צערעמאניעל; בעשרענקען מיט נעוויסע כללים; מאכען פעדאנטיש. ז. *formalism*

for′mal log′ic (פאר′־מעל לאדזש′־איק) פארמעלע לאגיק [די לעהרע וועגען די אלגעמיינע כללים פון דענקען].

for′mally *adv.* (פאר′־מעל־אי) אפיציעל, פארמעל; אין פארם.
The candidate was **formally** notified of his election.

form an ide′a (פארם ען אי־די′־ע) זיך עפעס פארשטעלען.

form a resolu′tion (פארם ע רעז־א־ליו′־שאן) אננעהמען א בעשלוס.

for′mate *n.* (פאר′־מייט) אמייזען־זויערזאלץ [אזא כעמישער שטאף]. ז. *formic acid*

forma′tion *n.* (פאר־מיי′־שאן) פארמירונג, געשטאלטונג; דאס ברייננען אין א געוויסער ארדנונג; אויסארבייטונג; צוזאמענשטעלונג; געבוי; אין געאלאגיע — א פארמאציאן, א שיכט.

forma′tional *a.* (פאר־מיי′־שאנ־על) אין געאלאגיע — וואס איז שייך צו א פארמאציאן, געשטאלטונג אדער שיכט.

for′mative *a. and n.* (פאר′־מע־טיוו) פארמירענד, מאכענד, בעשטימענד; וואס איז שייך צו פארמירונג אדער ענטוויקלונג; אין גראמאטיק — וואס ענדערט די פארם פון א ווארט; אן ענדערונג אין א ווארט וואס גיט דעם צו א נייע גראמאטישע פארם.

form′-board *n.* (פארמ′־באורד) ביליגער קארטאן [ווערט געברויכט אלס פאקפאפיער, פאר ביכער־איינבאנדען א. ד. ג.].

formed *a.* (פארמד) אויסגעשטעלט אין א געוויסער ארדנונג [ווי שטערען אין א שטערען־גרופע]; ענטוויקעלט, אויסגעבילדעט, רייף.

form′-el′ement *n.* (פארמ′־על′־אי־מענט) א בעשטאנד־טייל, אן עלעמענט וואס געהט אריין אלס טייל אין גאנצען און העלפט דאס גאנצע פארמירען.

for′mer *a. and n.* (פאר′־מער) פאריג, פריהעריג, לאנג פערגאנגען; איינער וואס פארמירט, מאכט אדער בעשאפט; א בעשעפער; א פורעם, א פאסאן, א פיגור.

for mer′cy′s sake! (פאר מויר′־סיז סייק) אום גאטעס ווילען!

for′merly *adv.* (פאר′־מער־לי) פריהער;

אין די פריהעריגע אדער אמאליגע צייר־טען; אמאל.

for'miate *n.* (פאר'-מי-אייט) ז. *formic acid*

for'mic *a.* (פאר'-מיק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון מוראשקעס.

for'mic ac'id (פאר'-מיק עס'-איד) אמייזען־זויערע [א זויערע וואס געפינט זיך אין דעם קערפער פון די מוראשקעס].

for'mican *a.* (פאר'-מי-קען) וואס איז שייך אדער עהנליך צו מוראשקע.

for'micant *a.* (פאר'-מי-קענט) קריכענ־דיג ווי א מוראשקע [ווענען דעם פולס, ווען ער שלאגט שוואך און אונרעגעלמע־סיג].

for'micate *a.* (פאר'-מי-קייט) ז. *formican*

formica'tion *n.* (פאר-מי-קיי'-שאן) א קראנקהאפטע עמפפינדונג אין דער הויט ווי עס וואלטען איבער'ן קערפער געקראכען מוראשקעס.

formic'ic *a.* (פאר-מיס'-איק) ז. *formic*

formidabil'ity *n.* (פאר-מי-דע-ביל'-אי-טי) ז. *formidableness*

for'midable *a.* (פאר'-מי-דעבל) פורכט־באר, שרעקליך; אבשרעקענד; וואס איז שווער בייצוקומען אדער ערפילען.

The candidate was running for office against a formidable opponent.

for'midableness *n.* (פאר'-מי-דעבל-נעס) פורכטבארקייט, שרעקליכקייט; דאס זיין שווער בייצוקומען אדער צו ערפילען.

for'midably *adv.* (פאר'-מי-דע-בלי) מיט פורכטבארקייט, שרעקליך, אבשרע־קענד; אויף אן אופן וואס עס איז שווער בייצוקומען אדער צו ערפילען.

for'ming-machine' *n.* (פאר'-מינג-מע-שין') א מאשין צו בויגען בלעך און צו מאכען בלעכענע כלים; אן אפאראט צו מאכען פערשיעדענע זאכען פון צייג און פון אנדערע שטאפען [ווי למשל, היט פון שטרוי]; א מאשין צו דרעהען שטריק.

form'less *a.* (פארמ'-לעס) פארמלאז, אהן א בעשטימטער געשטאלט אדער ארד־נונג.

form'lessly *adv.* (פארמ'-לעס-לי) אויף א פארמלאזען שטייגער.

form'lessness *n.* (פארמ'-לעס-נעס) פארמלאזיגקייט.

for'mula *n.* (פאר'-מיו-לא) א פארמולע, א בעשטימטע פארם, א בעשטימטער כלל; א געשריבענע גלויבענס־ערקלערונג.

for'mular *a.* (פאר'-מיו-לאר) פארמו־לער, וואס איז לויט א בעשטימטער פאר־מולע אדער לויט פארשריפט; ריטועל.

for'mularies *n.* (פאר'-מיו-לע-ריז) א פארגעשריבענע פארם אדער מאהעל; א פארמולע.

formulariza'tion *n.* (פאר-מיו-לער-אי-זיי'-שאן) פארמולירונג, דאס אויס־דריקען אין א בעשטימטער סיסטעמאטי־שער פארם אדער פארמולע.

for'mularize *v.* (פאר'-מיו-לער-איז) פארמולירען, אויסדריקען אין א פאר־מולע; אויסדריקען אין א פינקטליכער און סיסטעמאטישער פארם.

for'mulary *a.* and *n.* (פאר'-מיו-לע-רי) וואס איז שייך צו א פארמולע אדער בעשטימטער פארם; אויסגעדריקט אין א פארמולע, פינקטליך, סיסטעמאטיש, פאר־מעל; פארמאליסטיש; א פארמולאר, א זאמלונג פון בעשטימטע פארמען אדער כללים [הויפטזעכליך רעליגיעזע].

for'mulate *v.* (פאר'-מיו-לייט) ז. *formularize*

formula'tion *n.* (פאר-מיו-ליי'-שאן) ז. *formularization*

for'mulatory *a.* (פאר'-מיו-לע-טא-רי) וואס איז שייך צו פארמולירונג אדער צו א פארמולע.

for'mule *n.* (פאר'-מיול) ז. *formula*

formulisa'tion *n.* (פאר-מיו-לי-זיי'-שאן) ז. *formularization*

for'mulise *v.* (פאר'-מיו-לאיז) ז. *formularize*

for'mulism *n.* (פאר'-מיו-ליזם) די נייגונג שטרענג צו האלטען זיך אן פאר־מולעס.

formuliza'tion *n.* (פאר-מיו-לי-זיי'-שאן) ז. *formularization*

for'mulize *v.* (פאר'-מיו-לאיז) ז. *formularize*

for my part (פאר מאי פארט) פון מיינעטוועגען, פון מיין זייט, וואס אנבע־לאנגט מיך.

for'nicate *v.* and *a.* (פאר'-ני-קייט) האבען פערבאטענעם געשלעכטליכען פער־קעהר [הויפטזעכליך ווענען אונפערהייראַ־טע]; געוועלבט, געבויגען ווי א געוועלב, אויסגעהוילט ווי א געוועלב.

fornica'tion *n.* (פאר-ני-קיי'-שאן) א געוועלב; דאס זיין אויסגעהאקט ווי א גע־וועלב; פערבאטענער געשלעכטליכער פערקעהר [פון אן אונפערהייראטער פער־זאן]; ניאוף; געצענדיענעריי [אין דער ביבעל].

for'nicator *n.* (פאר'-ני-קיי-טאר) א נואף [הויפטזעכליך ווענען אן אונפער־הייראטען]; א געצענדיענער [אין דער ביבעל].

for'nicatress *n.* (פאר'-ני-קיי-טרעס) א פרוי [הויפטזעכליך אן אונפערהייראַ־טע] וואס האט פערבאטענעם געשלעכט־ליכען פערקעהר.

for'nix *n.* (פאר'-ניקס) א וועלבונג, א וועלבונג־ארטיגע אויסהוילונג [אויף'ן קערפער פון חיות אדער ביי פלאנצען].

for once (פאר וואנס) פאר אייז מאל, אם מאל אם ווענינסטען; ענדליך.

for rea'sons (פאר ריע'זנז) צוליעב [געוויסע] גרינדע אדער טעמים.

For reasons known to me I must decline your proposition.

for'rel *n.* (פאר'-על) ז. *forel*

for'rill *n.* (פאר'-איל) ז. *forel*

forsake' *v.* (פאר-סייק') פערלאזען; אויפגעבען; דעזערטירען, אבטריניג ווע־רען; צוריקווייזען.

Don't forsake your friend in his hour of need.

forsa'ken *a.* (פאר-סיי'-קן) פערלאזען, אויפגעגעבען.

forsa'ker *n.* (פאר-סיי'-קער) איינער וואס פערלאזט אדער גיט אויף; א דע־זערטיר; אן אבטריניגער.

forsa'king *n.* and *a.* (פאר-סיי'-קינג) פערלאזונג, אויפגעבונג; דאס דעזערטי־רען, דאס ווערען אבטריניג; פערלאזענד, אויפגעבענד, דעזערטירענד, ווערענדיג אבטריניג.

for shame ! (פאר שיים) פוי! שאנדע!

forsook' (פאר-סוק') פערלאזען. ז. *forsake*

forsooth' *adv.* (פאר-סוטה') באמת, ווירקליך, געוויס [מעהרסטענס איראניש].

forspend' *v.* (פאר-ספענד') אויסבריי־נגען, אויסשעפען אדער אויסמאטערען ביז צום עצטען.

forswear' *v.* (פאר-סהוועהר') אבליי־קענען עפעס אונטער א שבועה אדער מיט פראטעסט און ענטשלאסענהייט; זיך אב־זאגען פון עפעס אדער עפעס צוריקווייזען מיט א שבועה, פראטעסט אדער ענטשלא־סענהייט; זיך פערשווערען; פאלש שווע־רען.

forswear'er *n.* (פאר-סהוועהר'-ער) איינער וואס לייקענט עפעס מיט ענטשלא־סענהייט אדער אונטער א שבועה; איי־נער וואס זאגט זיך אב פון עפעס מיט ענטשלאסענהייט אדער אונטער א שבועה; איינער וואס פערשווערט זיך; איינער וואס שווערט פאלש.

forswear' one's self (פאר-סהוועהר' וואנז סעלף) פאלש שווערען.

forswore' (פאר-סהוואור') פערשווארען, פאלש געשווארען, אבגעלייקענט אדער זיך אבגעזאגט מיט א שבועה. ז. *forswear*

forsworn' *a.* (פאר-סהוואורן') זיך אבגע־זאגט אדער אבגעלייקענט אונטער א שבועה; זיך פערשווארען; פאלש געשווא־רען. ז. *forswear*

fort *n*, *v.* and *a.* (פאורט) א פארט, א פעסטונג, א בעפעסטיגונג; א האנדעלס־סטאציאן צווישען די אינדיאנער; דער שטארקערער טייל פון א שווערד־קלינג [די העלפט ביים הענטעל]; פערנעהמען א פארט; שכור.

forte *n.* (פאורט) עטוואס מיט וואס איי־נער צייכענט זיך שטארק אויס; א ספע־ציעלער טאלענט; דער שטארקערער טייל פון א שווערד־קלינג [די העלפט ביים הענטעל].

for'te *a.* and *n.* (פאור'-טע) אין מו־זיק — פארטע, הויך, קרעפטיג; א שטיק מוזיק וואס ווערט געשפיעלט פארטע; א פארריכטונג אין א הארמאניום [הויז־ארגעל] צו מאכען דעם אינסטרומענט צו שפיעלען פארטע.

for'te-pia'no *a.* and *n.* (פאור'-טע-פי-א'-נאו) אין מוזיק — פארטע־פיאנא, וואס ווערט פלוצלונג שטארק און הויך און דאן באלד צוריק ווייך און שטיל; א פאר־טעפיאנא.

forth *adv.* and *prep.* (פאורטה) פאר־ווערטס, ווייטער; ארויס; פארט, אוועק; ווייט.

for that mat'ter (פאר טהעט מעט'-ער) אויס דיעזען גרונד; צוליעב דעם; צוליעב דיעזער אורזאכע.

For that matter, I do not care whether you agree with me or not.

for that pur'pose (פאר טהעט פויר'-פאס) מיט דיעזער אבזיכט; צוליעב דיע־זען צוועק.

forth'coming *a.* and *n.* (פאורטה'-קאם-אינג) פערטיג ארויסצוקומען אדער צו ערשיינען; די ערשיינונג, די ארויס־קומונג.

for the ben'efit of (פאר טהי בענ'-ע-פיט אוו) צו גונסטען פון...

The executors administrated the estate for the benefit of the widow.

for the first time (פאר טהי פוירסט טאים) צום ערשטען מאל.

for the fu'ture (פאר טהי פיו'-טשור) אויף ווייטער, להבא.

for the love of God (פאר טהי לאוו אוו גאד) אום גאטעס ווילען.

for the mil'lion (פאר טהי מיל'-יאן) פאר אלעמען; פאר דער גאנצער מאסע.

for the nonce (פאר טהי נאנס) פאר דיעזען פאל; פאר דיעזען איינענבליק; פאר דיעזען צוועק; גראד צוגעפאסט.

for the time be'ing (באר טהי טאים בי'-אינג) דערווייל; ביז וואס-ווען.

for the time to come (באר טהי טאים טו קאם) אויף ווייטער, להבא.

forth'going *n. and a.* (פאורטה'-גאו-אינג) דאס ארויסגעהן; דאס געהן ווייטער; וואס געהט ארויס; וואס געהט ווייטער.

for this once (פאר טהיס הוואנס) דאס מאל; פאר דיזען איינציגען פאל.

forth'-is'suing *a.* (פאורטה'-איש'-או-אינג) וואס ווערט ארויסגעגעבען; וואס קומט ארויס.

forth'pushing *a.* (פאורטה'-פוש-אינג) שטופענד אדער שטויסענד פארווערטס; אגרעסיוו; וואס שטרעבט אלץ פארויס.

forth'putting *n.* (פאורטה'-פוט-אינג) דאס ארויסברייינגען; דאס בעשאפען.

forth'right *a. and adv.* (פאורטה'-ראיט) גלייך; דירעקט; אונפערשטעלט, ניט פערמאסקירט; אויף א גלייכען אופן; בדרך הישר.

forthwith' *adv.* (פאורטה-הוויטה') באלד, גלייך; ניט אבלעגענדיג.

I shall proceed forthwith to carry out my instructions.

for'tieth *a. and n.* (פאר'-טי-עטה) פיערציגסטער; א פיערציגסטער; א פיערציגסטעל.

for'tifiable *a.* (פאר'-טי-פאי-עבל) וואס מען קען בעפעסטיגען.

fortifica'tion *n.* (פאר-טי-פי-קיי'-שאן) פארטיפיקאציאן; בעפעסטיגונג.

for'tifier *n.* (פאר'-טי-פאי-ער) א בעפעסטיגער; דער וואס שטעלט אויף בעפעסטיגונגען.

for'tify *v.* (פאר'-טי-פאי) בעפעסטיגען; מאכען שטארק.

fort in (פאורט אין) זיך בעפעסטיגען אין א פארט.

fortis'simo *a. and adv.* (פאר-טיס'-אי-מא) פארטיסימא, זעהר שטארק, זעהר הויך [אין מוזיק].

for'titude *n.* (פאר'-טי-טיוד) שטארקייט, מוטה; דאס קענען פערלייידען; גייסטיגע קראפט.

fort'let *n.* (פאורט'-לעט) א קליינע פעסטונג.

fort'night *n.* (פארט'-נאיט) פיערצעהן טעג, צוויי וואכען.

fort'night hence (פארט'-נאיט הענס) אין פיערצעהן טעג ארום.

fort'nightly *a. and adv.* (פארט'-נאיט-לי) וואס קומט פאר איין מאל אין צוויי וואכען; צוויי-וואכענדיג; יעדען האלבען חודש.

for'tress *n. and v.* (פאר'-טרעס) א פעסטונג; א בעפעסטיגטער ארט; בעפעסטיגען.

fortu'itous *a.* (פאר-טיו'-אי-טאס) צופעליג; וואס קומט אונערווארטעט.

fortu'itously *adv.* (פאר-טיו'-אי-טאס-לי) אויף א צופעליגער ארט.

fortu'itousness *n.* (פאר-טיו'-אי-טאס-נעס) צופעליגקייט; א צופאל.

fortu'ity *n.* (פאר-טיו'-אי-טי) א צופעליגע פאסירונג; א צופאל.

Fortu'na *n.* (פאר-טיו'-נא) פארטונא, די געטין פון גליק ביי די אלטע רוימער; איינע פון די קליינע פלאנעטען [דער נייינצעהנטער], וואס דרעהען זיך ארום דער זון.

for'tunate *a.* (פאר'-טשו-נעט) גליקליך; מזל'דיג.

for'tunately *adv.* (פאר'-טשו-נעט-לי) גליקליכערווייזע.

for'tunateness *n.* (פאר'-טשו-נעט-נעס) גליקליכקייט; מזל'דיגקייט; דאס זיין אין א גליקליכען צושטאנד.

for'tune *n.* (פאר'-טשון) דער מזל, גליק; שיקזאל; ערפאלג, הצלחה; דאס פערמעגען; רייכטום; א רייכער יורש.

for'tune-book *n.* (פאר'-טשון-בוק) א טרעף-בוך, ספר המזלות.

for'tune-hun'ter *n.* (פאר'-טשון-האנ'-טער) א מאנספערזאן אדער פרויענצימער וואס זוכט א רייכען שידוך.

for'tune in rever'sion (פאר'-טשון אין רי-וואיר'-שאן) א פערמעגען אדער ירושה, וועלכע מען בעקומט ניט גלייך, נאר שפעטער אין פערלויף פון א געוויסער צייט נאכדעם ווי געוויסע אונפערמיידליכע בעדינגונגען וועלען פארקומען.

for'tuneless *a.* (פאר'-טשון-לעס) אהן א פערמעגען, ארים.

for'tune-tell'er *n.* (פאר'-טשון-טעל'-ער) א וואהר-זאגער, א טרעפער.

for'tune-tell'ing *a. and n.* (פאר'-טשון-טעל'-אינג) וואס קען טרעפען אדער פאראויסזאגען די צוקונפט; דאס טרעפען וואס עס וועט פארקומען.

for'ty *a. and n.* (פאר'-טי) פיערציג; די צאהל פיערציג.

fo'rum *n.* (פאו'-ראם) אין אלטען רוים — דער פארום [א פלאץ אין צענטער פון שטאדט, וואו עס האט זיך געפונען דער מארק און די געריכטען און וואו עס פלעגען פארקומען פאלקס-פערזאמלונגען]; א טריבונאל, א געריכט; דער ארט וואו מען קלייבט זיך צונויף אויסצוהערען טענות פון געגענזייטיגע צדדים.

for'ward *a., adv. and v.* (פאר'-הווארד) פארווערטס, פארויס; פארטגעשריטען; אייפריג, דרייסט, פרעך; פאראויסגעהענד, פריהצייטיג; שיקען, עקספעדירען, אטפראווען; שנעל איבערגעבען אדער בעזארגען; ערמוטיגען, צוגעבען קראפט אדער דרייסטקייט; טרייבען פארווערטס; ארויסברייינגען; ארויסרופען א פארטשריט, אויסבעסערען, ברייינגען צו א העכערער שטופע; אין בוכבינדעריי — איינבינדען א בוך אין א רוקען און טאוולען און צוגרייטען פאר דעם, וועלכער פערענדיגט די ארבייט.

for'warder *n.* (פאר'-הוואר-דער) אן עקספעדירער, אן אוועקשיקער; איינער אדער עפעס וואס טרייבט פארווערטס; דער אדער דאס וואס ברייינגט צו א העכערער שטופע; אין בוכבינדעריי — דער ארבייטער, וועלכער בינדט איין דאס בוך אין א רוקען און טאוולען און פערפערטיגט עס פאר דעם, וועלכער דארף פערענדיגען די ארבייט.

for'warding *n. and a.* (פאר'-הוואר-דינג) דאס אוועקשיקען, דאס איבערשיקען [פון סחורות]; אין בוכבינדעריי — דאס איינבינדען א בוך אין רוקען און טאוולען און פערפערטיגען פאר דעם, וועלכער פערענדיגט די ארבייט; טרייבענד פארווערטס; ארויסרופענדיג פארטשריט אדער פראגרעס; שטעלענדיג אויף א העכערער שטופע.

for'warding mer'chant (פאר'-הוואר-דינג מויר'-טשענט) א סוחר, וועמעס געשעפט בעשטעהט אין דעם, וואס ער בעקומט און שיקט ארויס סחורות פאר אנדערע.

for'wardly *adv.* (פאר'-הווארד-לי) אין א פארויסגעזעצטער לאגע; שטרעבענדיג פארווערטס; פריהצייטיג; מיט דרייסטקייט; מיט חשק; מיט העזה, מיט חוצפה.

for'wardness *n.* (פאר'-הווארד-נעס) דאס זיין פארויס; פריהצייטיגקייט; אייפער, חשק; דרייסטקייט; העזה, חוצפה, פרעכהייט.

for'wards *adv.* (פאר'-הווארדז) פארווערטס, פארויס.

foss *n.* (פאס) א גראבען, א קאנאל; אין אנאטאמיע — א גריבעלע אדער פערטיעפונג אין א ביין אדער אין א גליעד פון קערפער.

fos'sa *n.* (פאס'-א) אין אנאטאמיע — א גריבעלע אדער פערטיעפונג אין א ביין אדער אין א גליעד פון קערפער.

fos'sil *a. and n.* (פאס'-איל) געגראבען; וואס איז שייך צו אויסגעגראבענע זאכען; פערעלטערט, פערשימעלט; פון די אוראלטע צייטען; דאס וואס ווערט אויסגעגראבען פון דער ערד, ווי מינעראלען א. ד. ג.; פערשטיינערטע פלאנצען און חיות וואס מען גראבט אויס פון דער ערד; א פערעלטערטע, אבגעלעבטע זאך.

fos'sil coal (פאס'-איל קאול) שטיינקויהל.

fossilif'erous *a.* (פאס-אי-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט פערשטיינערטע פלאנצען און טהיערע.

fossilifica'tion *n.* (פא-סיל-אי-פי-קיי'-שאן) די פערשטיינערונג.

fossil'ify *v.* (פא-סיל'-אי-פאי) פערשטיינערען; פערשטיינערט ווערען.

fos'silism *n.* (פאס'-איל-איזם) דער צושטאנד פון זיין אויסגעגראבען אדער פערשטיינערט; די לעהרע איבער די פערשטיינערטע חיות און פלאנצען וואס מען גראבט אויס פון דער ערד; פאלעאנטאלאגיע.

fos'silist *n.* (פאס'-איל-איסט) איינער וואס שטודירט די לעהרע איבער די פערשטיינערטע חיות און פלאנצען, וואס מען גראבט אויס פון דער ערד.

fossil'ity *n.* (פא-סיל'-אי-טי) ז. ***fossilism***.

fossiliza'tion *n.* (פאס-אי-לי-זיי'-שאן) די פערשטיינערונג.

fos'silize *v.* (פאס'-איל-איז) פערשטיינערען; פערשטיינערט ווערען; פערעלטערט ווערען, זיין אלט-פרענקיש; ווערען אלט-מאדיש.

fossil'ogist *n.* (פא-סיל'-א-דזשיסט) ז. ***fossilist***.

fossil'ogy *n.* (פא-סיל'-א-דזשי) ז. ***fossilology***.

fossilol'ogy *n.* (פאס-אי-לאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע חיות און פלאנצען.

fos'sor *n.* (פאס'-אר) א קבר-גרעבער.

fosso'rial *a. and n.* (פא-סאו'-רי-על) וואס גראבט זיך אין דער ערד; וואס איז צוגעפאסט צו גראבען זיך [ווי א געוויסער אבר פון א חיה]; א חיה וואס גראבט זיך אין דער ערד.

foss'-road *n.* (פאס'-ראוד) א ברייטער וועג מיט גראבענס ביי דער זייט.

fos'sulate *a.* (פאס'-יו-לייט) אין אנאטאמיע — וואס האט א גריבעל אדער פערטיעפונג אויף א קערפער-גליעד.

foss'way *n.* (פאס'-הוויי) ז. ***foss-road***.

fos'ter *v. and n.* (פאס'-טער) נעהרען, פלעגען; האדעווען, ערציהען; בעשיצען, שטיצען, בעגינסטיגען; ליעב האלטען: א קינד, א נאכקאמענשאפט; א האדעוואניק; עטוואס וואס מען נעהרט אדער ערציהט;

איינער וואס ערציהט, ערנעהרט, בעגינסטיגט אדער פערהאלט זיך מיט ליעבע.

fos'ter a belief' (פאס'-טער ע בי-ליעף') גלויבען אין עפּעס, זיך ארומטראגען מיט האפנונגען.

fos'terage *n.* (פּאס'-טער-איידזש) דאס ערנעהרען; דאס אויפציהען [הויפטזעכליך א פרעמד קינד].

fos'ter-babe *n.* (פאס'-טער-בייב) א וויכאוואניק, א האדעוואניק, א פלעגע-קינד [א פרעמד קינד וואס מען נעהמט צו אויפציהען].

fos'ter-broth'er *n.* (פאס'-טער-בראטה'-ער) א מילך-ברודער [איינער מיט וועמען מען האט זיך געהאדעוועט צוזאמען אין א פרעמדער פאמיליע אדער ביי דערזעלבער אם].

fos'ter-child *n.* (פאס'-טער-טשאילד) ז. *foster-babe*

fos'ter-dam *n.* (פאס'-טער-דעם) אן אם; איינע וואס האדעוועט א פרעמד קינד.

fos'ter-daugh'ter *n.* (פאס'-טער-דאה'-טער) א פלעגע-טאכטער [א פרעמד קינד ערצויגען אלס אייגענס].

fos'ter-earth *n.* (פאס'-טער-אוירטה) דער נעהרענדער באדען [פון א פרעמדען לאנד].

fos'terer *n.* (פאס'-טער-ער) איינער אדער איינע וואס ערנעהרט אדער ערציהט [א פרעמד קינד]; א פלעגע-פאטער, א פלעגע-מוטער; אן אם; איינער אדער עטוואס וואס שטיצט אדער בעגינסטיגט.

fos'teress *n.* (פאס'-טער-עס) ז. *fostress*

fos'ter-fa'ther *n.* (פאס'-טער-פא'-טהער) א פלעגע-פאטער, א נעהר-פאטער [איינער וואס נעהמט אויף א פרעמד קינד צו ערציהען].

fos'ter-home *n.* (פאס'-טער-האום) א קינדער-אזיל [אן אנשטאלט צו ערציהען קליינע קינדער].

fos'ter-land *n.* (פאס'-טער-לענד) דאס נייע פאטערלאנד, דאס פרעמדע לאנד וואו איינער איז געווארען א תושב; א גוט וואס זיין הכנסה איז בעשטימט פאר דער אונטערהאלטונג פון אן אנשטאלט אדער פון א פערזאן.

fos'terling *n.* (פאס'-טער-לינג) א האדעוואניק [א קינד וואס מען ערציהט אין א פרעמדען הויז].

fos'ter-moth'er *n.* (פאס'-טער-מאטה'-ער) א פלעגע-מוטער, א נעהר-מוטער [איינע וואס האדעוועט אדער ערציהט א פרעמד קינד]; אן אם.

fos'ter-nurse *n.* (פאס'-טער-נוירס) אן אם; איינער אדער איינע וואס ערציהט, נעהרט, בעגינסטיגט אדער שטיצט.

fos'ter-par'ent *n.* (פאס'-טער-פעהר'-ענט) א נעהר-פאטער אדער א נעהר-מוטער [וואס נעהמט אויף א פרעמד קינד צו ערציהען].

fos'ter-par'ents *n.* (פאס'-טער-פעהר'-ענטס) פלעגע-עלטערען, נעהר-עלטערען [וואס נעהמען אויף א פרעמד קינד צו ערציהען].

fos'ter-sis'ter *n.* (פאס'-טער-סיס'-טער) א מילך-שוועסטער [איינע וואס איז צוזאמען מיט אן אנדער פערזאן ערצויגען געווארען אין דעמזעלבען פרעמדען הויז אדער ביי דערזעלבער אם].

fos'ter-son *n.* (פאס'-טער-סאן) א פלעגע-זוהן, א האדעוואניק.

fos'tress *n.* (פאס'-טרעס) אן ערציהערין פון א פרעמדען קינד; אן אם.

foth'er *n. and v.* (פאטה'-ער) א פודער [אן אלטע וואג-איינהייט פאר בליי (אונגעפעהר א טאן)]; א משא פון בליי אויף א שיף; פערשטאפען מיט א זעגעל א לאך אין א שיף.

fougade' *n.* (פוה-געד') — אין מיליטער א קליינער גרוב אנגעפילט מיט עקספלאדירענדע שטאפען און צוגעדעקט מיט שטיינער.

fougass' *n.* (פוה-געס') ז. *fougade*

fought (פאהט) געשלאגען, געקעמפפט. ז. *fight*

foul *a., adv., n. and v.* (פאול) שטארק אונאנגענעהם; שמוציג, אונריין, אבשטויסענד; שעדליך, שלעכט; פול מיט שעדליכע אדער אונאנגענעהמע זאכען; געשטערט, אבגעהאלטען דורך שעדליכע אדער אונאנגענעהמע זאכען; וואס איז געגען דעם אנגענומענעם; ניט ריכטיג, ניט פאסיג, ניט אויפריכטיג, ניט עהרליך; ניט אנשטענדיג; געמיין; אונפערשעמט, מיאוס [אין מאראלישען זין]; אויף אן עקעלדיגען, מיאוס'ען, שמוציגען, שטערענדען, אבהאלטענדען, ניט אנשטענדיגען אדער ניט ריכטיגען אופן; שטערונג, אבהאלטונג; פעראונרייניגען, פערדארבען; ווערען אונריין; ווענגען שיפען — קומען אין צוזאמענשטויס, שטערען אדער ווערען געשטערט [דורך דער וואסער-פלאכקייט, שטיינער אדער געוויקסע]; פערוויקלען [אין געוויקסע].

foul ball (פאול באהל) אין בייס-באל-שפיעל — א באל וואס פערפליהט ביים ווארפען אויסער די בעשטימטע גרענעצען.

foul blow (פאול בלאו) ביים פויסטען-קאמפף — א פערבאטענער קלאפ, א קלאפ אין די ווייכע טיילען פון קערפער.

foul bot'tom (פאול באט'-אם) אן אונריינער דעק [פון א שיף].

foul coast (פאול קאוסט) א געפעהרליכער ים-ברעג [פאר שיפען].

foul dea'ling (פאול דיע'-לינג) ניט אויפריכטיגע האנדלונג, בעטרוג.

foul disease' (פאול די-זיעז') א מיאוס'ע קראנקהייט, סיפילים.

foul'-faced *a.* (פאול'-פייסט) וואס האט א מיאוס אדער שמוציג פנים.

foul fiend (פאול פיענד) דער בייזער שונא, דער שטן מקטרג.

foul fish (פאול פיש) פיש אין דער צייט ווען זיי ווארפען פון זיך ארויס די איקרע בעת זיי פלאדיען זיך.

foul ground (פאול גראונד) א שלעכטער אנקער-גרונט.

foul lan'guage (פאול לענ'-גהווערדזש) נידריגע, געמיינע רייד; זידלעריי.

foul lin'en (פאול לינ'-ען) שמוציגע וועש.

foul'ly *adv.* (פאול'-לי) אויף א מיאוס'ען, אונריינעם אדער עקעלהאפטען שטייגער; אויף אן אונעהרליכער, נידערטרעכטיגער ארט.

foul'mart *n.* (פאול'-מארט) ז. *foumart*

foul means (פאול מיענז) אונעהרליכע מיטלען.

A victory by **foul means** is worse than defeat.

foul'-mouthed *a.* (פאול'-מאוטהט) וואס רעדט שמוציגע רייד, וואס ברויכט נבול-פה.

foul names (פאול ניימז) זידעל-ווערטער.

foul'ness *n.* (פאול'-נעס) אונריינקייט, שמוציגקייט; שענדליכקייט, אבשייליכקייט, העסליכקייט; אונעהרליכקייט.

foul play (פאול פליי) אונעהרליכע מעטאדען, אינטריגעס.

foul prac'tices (פאול פרעק'-טי-סעז) ז. *foul play*

foul proof (פאול פרוהף) אין דרוקעריי — א קארעקטור פון א זאץ, פון וועלכער עס זיינען נאך ניט פערריכט די גרייזען.

foul rope (פאול ראופ) א צונויפגעפלאנטערטער שטריק.

foul'-spo'ken *a.* (פאול'-ספאוקן) ז. *foul-mouthed*

foul'-tongued *a.* (פאול'-טאנגד) ז. *foul-mouthed*

foul wa'ter (פאול וואה'-טער) מוטנע וואסער.

foul wind (פאול הווינד) אן אונגינסטיגער ווינד; א בייזער ווינד.

fou'mart *n.* (פאו'-מארט) א טכויר, א שעשקע.

found *v. and n.* (פאונד) גרינדען; לעגען דעם פונדאמענט; שמעלצען און גיסען [אין א פורם]; דאס שמעלצען מעטאל.

found (פאונד) געפונען. ז. *find*

founda'tion *n.* (פאונ-דיי'-שאן) די גרינדונג; א גרונד; א פונדאמענט; א פאנד אויסצוהאלטען אן אנשטאלט אדער אינסטיטוציאן; אן אנשטאלט אדער אינסטיטוציאן וואס ווערט אויסגעהאלטען פון א פאנד; א סטיפענדיע; די ערשטע שטעך פון א נאט.

founda'tional *a.* (פאונ-דיי'-שאנ-על) פונדאמענטאל.

founda'tionless *a.* (פאונ-דיי'-שאנ-לעס) אהן א גרונד, אהן א פונדאמענט.

founda'tion-school *n.* (פאונ-דיי'-שאן-סקול) א שוהל וואס ווערט אויסגעהאלטען פון א פאנד געגעבען פאר דעם צוועק.

founda'tion-stone *n.* (פאונ-דיי'-שאן-סטאון) א גרונד-שטיין, א ווינקעל-שטיין.

foun'der *n. and v.* (פאונ'-דער) א גרינדער; א מעטאל-שמעלצער אדער מעטאל-גיסער; די שטייפקייט [א פערד-קראנקהייט]; שטייף מאכען [קראנק מאכען א פערד דורך צופיעל רייטען]; זינקען; אונטערזינקען [ווי א שיף]; ניט געלינגען.

foun'dery *n.* (פאונ'-דער-אי) א מעטאל-גיסעריי.

foun'ding *n.* (פאונ'-דינג) דאס שמעלצען אדער גיסען מעטאל; מעטאל-גיסעריי.

found'ling *n.* (פאונד'-לינג) א פינדלינג, א געפונענעם קינד.

found'ling hos'pital (פאונד'-לינג האס'-פי-טעל) א פינדלינג-הויז [א הויז וואו מען ערציהט געפונענע קינדער].

foun'dress *n.* (פאונ'-דרעס) א גרינדערין פון אן אנשטאלט אדער אינסטיטוציאן; א פרוי וואס בעזארגט אן אינסטיטוציאן מיט א פאנד.

foun'dry *n.* (פאונ'-דרי) ז *foundery*

foun'dryman *n.* (פאונ'-דרי-מען) א מעטאל-גיסער.

fount *n.* (פאונט) א פאנטאן, א שפרינג-ברונען, א קוואל; א קוועלע; א פאלשטענדיגע זארטירונג פון דרוק-שריפט.

foun'tain *n.* (פאונ'-טיין) א פאנטאן, א שפרינג-ברונען, א קוואל; א קוועלע.

foun'tained *a.* (פאונ'-טיינד) וואס האט א פאנטאן.

foun'tainhead *n.* (פאונ'-טיין-העד) א קוואל; אן אור-קוועלע, אן ערשטע קוועלע.

foun'tainless *a.* (פאונ'-טיין-לעס) אהן א פאנטאן; אהן קוועלען, אהן שפרינג-ברו-נעמער.

foun'tainlet *n.* (פאונ'-טיינ-לעט) א קליינער פאנטאן.

foun'tain pen (פאונ'-טיין פען) א פיל-פעדער [א פעדער מיט א הענטעל וואס ווערט אנגעפילט מיט טינט].

foun'tain-shell *n.* (פאונ'-טיין-שעל) אזא גרויסער ים-מושעל, וואס ווערט בע-נוצט אלס בעפוצונג אין גערטנער.

Fountain-shell

four *a. and n.* (פאור) די צאהל פיער [4]; א פיערטעל [א קארט אדער דא-מינע-בייגדעל מיט פיער פונקטען]; א גע-שפאן פון פיער פערד.

four'-cor'nered *a.* (פאור'-קאר'-נערד) פיער-עקיג.

four'fold *a., n. and adv.* (פאור'-פאולד) פיערפאך; פיער מאל אזוי פיעל; אין א פיערפאכער מאס.

four'-foot'ed *a.* (פאור'-פוט'-עד) פיער-פיסיג.

four'-han'ded *a.* (פאור'-הענ'-דעד) פיער-הענדיג; געשפיעלט אין פיער הענד.

four'-horse *a.* (פאור'-הארס) געצויגען פון פיער פערד; פון פיער פערד-קראפט.

four hu'mors (פאור יו'-מארז) די פיער זאפטען [בלוט, גאל, פלאגמע און שווארצע גאל] פון מענשליכען קערפער, אין וועלכע די אלטע פארשטעהער פון מע-דיצין האבען געזעהען די אורזאכע פון פערשיעדענע מענשליכע טעמפעראמענטען.

Fou'rierism *n.* (פוה'-רי-ער-איזם) פוריעריזם, די קאמוניסטישע סיסטעם פון דעם בעוואוסטען פראנצויזישען סאציאל-פילאזאף שארל פוריע [געבארען אין יאהר 1772, געשטארבען אין 1837]. לויט דעם פלאן פון פוריע דארף די מענשליכע געזעלשאפט ארגאניזירט ווערען אין פא-לאנסטערען [קאמוניסטישע קאלאניעס אדער גרופען] אויף דעם גרונד פון פריי-ען פערזענליכען איגסוואהל און נייגונג. א פאלאנסטער דארף בעשטעהן אונגעפעהר פון 15 ביז 18 הונדערט פערזאן, כדי ער זאל זיין גרויס גענוג צו ענטהאלטען אלע פערשיעדענע אינדוסטריען און זאל קענען בעפריעדיגען אלע סאציאלע פאדערונגען. די וואהנונגען זיינען געמיינשאפטליכע און יעדער איינציגער אין פאלאנסטער קלייבט זיך אוים לויט זיין וואונש און פעהיגקיי-טען א בעשעפטיגונג, וועלכע איהם גע-פעלט און ער בעקומט פון דער געמיינ-שאפט א געוויסען מינימום שפייז, קליי-דער א. ד. ג. דאס וואס בלייבט איבער פון די געשאפענע פראדוקטען ווערט פער-טיילט צווישען די מיטגליעדער ניט אין גלייכע טיילען, נאר פראפארציאנעל לויט דער ארבייט פון יעדען, לויט זיין קאפי-טאל, וואס ער האט אריינגעלעגט און לויט זיינע פעהיגקייטען. אלס גרונדלאגע פון דיעזער פוריעריסטישער געזעלשאפט דארף זיין ערד-ארבייט.

Fou'rierist *n.* (פוה'-רי-ער-איסט) א פוריעריסט, אן אנהענגער פון דער פורי-עריסטיש-קאמוניסטישער סיסטעם. ז. *Fourierism*.

Fourieris'tic *a.* (פוה-רי-ער-איס'-טיק) וואס איז שייך צו פוריע אדער צו זיין קאמוניסטישער סיסטעם. ז. *Fourierism*.

four'-in-hand' *n., a. and adv.* (פאור'-אינ-הענד') א געשפאן פון פיער פערד געטריבען פון איין מענשען; א לאנגער שניפס אדער קראוואט; פיער-שפאניג; מיט א פיער-שפאן.

four'-o'clock' *n.* (פאור'-א-קלאק') א זעהר שעהנע פלאנצע פון פערו מיט בלו-מען פון פערשיעדענארטיגע קאלירען, וועל-כע עפענען זיך נאכמיטאג; דער לעדער-קאפ [אזא פויגעל. ז. *friar-bird*].

four'-o'clock' tea (פאור'-א-קלאק' טיע) קלאטש טהעע [א טהעע-אונטערהאלטונג פון פרויען נאך מיטאג].

four'pence *n.* (פאור'-פענס) אן ענגלי-שע מטבע פון 4 פענים [אונגעפעהר 8 אמעריקאנער סענט].

four'-pos'ter *n.* (פאור'-פאס'-טער) א הימעל-בעט מיט פיער שטאנגען [א גרויס בעט מיט פיער שטאנגען צום אויפהענגען פארהאנגען].

four'rier *n.* (פוהר'-איר) א בעאמטער וואס שטעלט צו שפייז פאר סאלדאטען; א קייזערליכער קוריער.

four'score *a.* (פאור'-סקאור) פיער מאל צוואנציג, אכציג.

four'square *a.* (פאור'-סקוועהר) פיער-עקיג, פיער-קאנטיג, קוואדראטיש.

four'teen *a. and n.* (פאור'-טיען) פיערצעהן; די צאהל פיערצעהן.

four'teenth *n. and a.* (פאור'-טיענטה) דער פיערצעהנטער; וואס איז דער פיער-צעהנטער.

fourth *n. and a.* (פאורטה) דער פיער-טער; א פיערטעל; וואס איז דער פיערטער.

fourth'-class *a.* (פאורטה'-קלעס) פון פיערטען קלאס.

fourth'-class mat'ter (פאורטה'-קלעס מעט'-ער) אין דער פאסט-סיסטעם פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע-ריקא — א געגענשטאנד וואס געהערט צו דעם פיערטען קלאס פון פאסט-אבצאהלונג [ווי האנדעלס ארטיקלען, אויסער שריפ-טען און דרוק-זאכען].

fourth estate' (פאורטה עס-טייט') דער פיערטער שטאנד, דער פראלעטאריאט; דער זשורנאליסטען-קלאס [אלס פיערטע מאכט אין דער געזעלשאפט].

fourth'ly *adv.* (פאורטה'-לי) פיערטענס.

four'-wheeled *a.* (פאור'-הוויעלד) פיער-רעדערדיג; וואס האט פיער רעדער.

four'-whee'ler *n.* (פאור'-הוויע'-לער) א וואגען אויף פיער רעדער.

fo'veate *a.* (פאו'-ווי-אייט) גריבעלדיג; בעדעקט מיט גריבעלעך.

fo'veolate *a.* (פאו'-ווי-א-לייט) ז. *foveate*.

fowl *n. and v.* (פאול) א פויגעל; אן עוף; עופות; פאנגען אדער שיסען פויגלען.

fow'ler *n.* (פאו'-לער) א פויגעל-פאנגער; איינער וואס שיסט פויגלען.

fow'ling *n.* (פאו'-לינג) דאס פאנגען אדער שיסען פויגלען.

fow'ling-bag *n.* (פאו'-לינג-בעג) א יאגד-טאש, א יאגד-זאק.

fow'ling-net *n.* (פאו'-לינג-נעט) א נעץ צו פאנגען פויגלען.

fow'ling-piece *n.* (פאו'-לינג-פיעס) א לייכטע ביקס צום שיסען פויגלען; א בילד פון געשאסענע חיות אדער פויגלען.

fow'ling-shot *n.* (פאו'-לינג-שאט) קליינע שראט צום שיסען פויגלען.

fox *n. and v.* (פאקס) א פוקס; א כיטרער אדער ליסטיגער מענש; א צוזאמענפלעכ-טונג פון שטריק; יאגען זיך נאך א פוקס איהם צו פאנגען אדער שיסען; בעטרי-גען, בעשווינדלען; גנב'ענען; פערוועלקט ווערען, אנוווערען דעם קאליר [ווענען צוי-פוילטען האלץ אדער פאפיער]; פערזייערט ווערען [ווענען ביער]; ארויפנעהען אויף א שוך אן אויבערשטע שטיקעל לעדער.

fox about' (פאקס ע-באוט') ארומשפיא-נירען.

fox and geese (פאקס ענד גיעס) דער פוקס און די גענז [אזא שפיעל אויף א ברעטעל מיט פעשקעס ווי ציגעלען-וואלקה].

fox'bane *n.* (פאקס'-ביין) א מין גיפטיג גראז מיט בלויע און געלבע בליטהען אין דער פארם פון גלעקלעך. ווערט געברויכט אין מעדיצין.

fox'-brush *n.* (פאקס'-בראש) דער עק פון א פוקס.

fox'-case *n.* (פאקס'-קיים) די פעל פון א פוקס.

fox'-chase *n.* (פאקס'-טשיים) א יאגד אויף פוקסען.

fox'-dog *n.* (פאקס'-דאג) א מין יאגד-הונד.

fox'-earth *n.* (פאקס'-אוירטה) א פוקס-הויל, א פוקס-נארע.

foxed *a.* (פאקסט) אבגעבליאקעוועט [ווענען צופוילטען האלץ]; וואס האט ליכ-טיג-ברוינע פלעקען; ארומגענעהט מיט אן אויבערשטען לעדער [ווי א שוך].

fox'-e'vil *n.* (פאקס'-איוול) דאס אויס-פאלען פון האר. ז. *alopecia*.

fox'fire *n.* (פאקס'-פאיר) דער פאספארי-שער שיין וואס שטראהלט ארויס פון צוי-פוילטען האלץ.

fox'glove *n.* (פאקס'-גלאוו) דאס פינ-גערהוט-גראז [א מין גיפטיג גראז מיט רויטע בליטהען אין דער פארם פון לאנג-ליכע גלעקלעך].

fox'-grape *n.* (פאקס'-גרייפ) א געווי-סער מין פון נארד-אמעריקאנישע ווילדע וויינטרויבען.

fox'hound *n.* (פאקס'-האונד) א יאגד-הונד פאר פוקסען.

Foxhound

fox'-hunt *n.* (פאקס'-האנט) דאס נעהן אויף יאגד אויף פוקסען.

fox'-hun'ter *n.* (פאקס'-האנ'-טער) א פוקסען-יעגער.

fox'-hun'ting *n. and a.* (פאקס'-האנ'-טינג) דער פוקסען-יאגד; וואס איז שייך צום פוקסען-יאגד.

fox'iness *n.* (פאק'-סי-נעס) ליסטיגקייט, כיטרעקייט; דאס זיין כיטרע ווי א פוקס; דאס זיין פערבליאקעוועט, דאס אנווערען דעם קאליר; זויערקייט, פערזויערונג [ווי פון ביער].

fox'ing *n.* (פאק'-סינג) א שטיקעל לעדער וואס בעדעקט דעם פאדערשטען עק פון א שוך.

fox'-shark *n.* (פאקס'-שארק) דער ים-פוקס [א מין היי-פיש פון 12 ביז 15 פוס די לענג, ביי וועלכען דער עק פערנעהמט כמעט א העלפט פון קערפער].

fox'ship *n.* (פאקס'-שיפ) די נאטור פון א פוקס; ליסטינקייט, כיטרעקייט.

fox'-squir'rel *n.* (פאקס'-סקהוואר'-על) א גרויסע נארד-אמעריקאנישע וועווערקע.

fox'tail *n.* (פאקס'-טייל) א פוקסען-עק; א גראז וואס האט בינטלעך בליהונג, וועלכע זיינען עהנליך צו דעם עק פון א פוקס.

fox'-ter'rier *n.* (פאקס'-טער'-אי-ער) א הונד פון א געוויסען מין וועלכער ווערט ערצויגען ספעציעל צום יאגד אויף פוקסען.

fox'-trap *n.* (פאקס'-טרעפ) א פאסטקע צו כאפען פוקסען.

fox'-trot *n.* (פאקס'-טראט) א קליינער טריט.

fox'wood *n.* (פאקס'-הוואוד) פערפוילט האלץ.

fox'y *a.* (פאקס'-אי) ליסטיג אדער כיטרע ווי א פוקס; וואס האט דעם קאליר פון א פוקס; וואס האט א זיסליכען טעם, ווי געוויסע נארד-אמעריקאנישעווילדע וויינטרויבען; זויער [ווענען פערזייערטען ויין אדער ביער]; פערוועלקט; פערפוילט.

foyer' *n.* (פוא-יעי') די פאיע [א זאל אין א טעאטער וואו מען שפאצירט ארום אין דער צייט פון אנטראקטען].

fp. אבקירצונג פון *forte-piano*

fra'cas *n.* (פריי'-קעס) א געשלעג; א קריעג מיט ליארם.

frac'ted *a.* (פרעק'-טעד) וואס איז צו-בראכען; געבראכען.

frac'tion *n.* (פרעק'-שאן) א טיילכעל; אן אבגעזונדערטער טייל פון א גאנצעם; א ברוך-טייל פון א צאהל אדער איינהייט [ווי $\frac{1}{2}$, $\frac{2}{3}$, $\frac{4}{7}$ א. ד. ג.]; דאס טיילען דאס הייליגע ברויט צום הייליגען אבענדמאהל; דאס ברעכען אין טיילען.

frac'tional *a.* (פרעק'-שאנ-על) געבראכען; וואס געהערט צו א ברוך-צאהל; קליין.

frac'tionally *adv.* (פרעק'-שאנ-על-אי) דורך א ברוך-טייל; טיילווייז.

frac'tionary *a.* (פרעק'-שאנ-איי-רי) וואס איז א ברוך-טייל; וואס בעשטעהט פון א קליינעם טייל; ניט וויכטיג.

frac'tious *a.* (פרעק'-שאס) קריעגזיכטיג; וואס האט א טבע זיך צו קריעגען אדער צו טהאן להכעים; ווידערשפענסטיג.

frac'tiously *adv.* (פרעק'-שאס-לי) אויף א קריעגזיכטיגען אופן; דורך ווידערשפענסטיגקייט.

frac'tiousness *n.* (פרעק'-שאס-נעס) קריעגזיכטיגקייט; ווידערשפענסטיגקייט; דאס האבען די טבע זיך צו קריעגען.

fractuos'ity *n.* (פרעק-טשו-אס'-אי-טי) דאס זיין צובראכען; צובראכענהייט.

frac'turable *a.* (פרעק'-טשור-עבל) וואס קען צובראכען ווערען.

frac'tural *a.* (פרעק'-טשור-על) וואס איז שייך צו א ברוך; געבראכען.

frac'ture *n. and v.* (פרעק'-טשור) א ברוך; דאס ברעכען; א צובראכענע פלעכע; ברעכען, צוברעכען.

frag'ile *a.* (פרעדזש'-איל) צוברעכליך; שוואך; לייכט צום צוברעכען.

frag'ilely *adv* (פרעדזש'-איל-לי) אויף א צוברעכליכען אופן; צוברעכליך; שוואך.

frag'ileness *n.* (פרעדזש'-איל-נעס) ז. *fragility*

fragil'ity *n.* (פרע-דזשיל'-אי-טי) צוברעכליכקייט; שוואכקייט.

frag'ment *n.* (פרעג'-מענט) א פראגמענט, א ברוכשטיק, אן אבגעבראכען שטיק; א ברוכטייל פון א ווערק.

frag'mental *a.* (פרעג'-מענ-טעל) וואס בעשטעהט פון פראגמענטען אדער ברוכשטיקער.

frag'mentarily *adv.* (פרעג'-מענ-טע-רי-לי) אין פראגמענטען אדער ברוכשטיקער.

frag'mentariness *n.* (פרעג'-מענ-טע-רי-נעס) דאס זיין צובראכען, דאס זיין אין ברוכשטיקער.

frag'mentary *a.* (פרעג'-מענ-טע-רי) ז. *fragmental*

fragmenta'tion *n.* (פרעג-מענ-טיי'-שאן) דאס זיין צובראכען אין ברוכשטיקער אדער פראגמענטען.

fra'gor *n.* (פריי'-גאר) א קראך.

fra'grance *n.* (פריי'-גרענס) א נעשמאקער גערוך, אן אנגענעהמער ריח.

fra'grancy *n.* (פריי'-גרענ-סי) ז. *fragrance*

fra'grant *a.* (פריי'-גרענט) וואס האט א געשמאקען ריח; שמעקעדיג.

fra'grantly *adv.* (פריי'-גרענט-לי) מיט א געשמאקען ריח.

fra'grantness *n.* (פריי'-גרענט-נעס) ז. *fragrance*

frail *a. and n.* (פרייל) צוברעכליך, צושטערבאר; שוואך; ניט שטאנדהאפט; וואס קען לייכט פאנאנדערפאלען אדער פערניכטעט ווערען; וואס קען גרינג פערפיהרט ווערען; א קערבעל געפלאכטען פון ווייכע ריטלעך; א ריטעל צום פלעכטען קערבלעך.

frail'ly *adv.* (פרייל'-לי) שוואכליך; ניט שטאנדהאפטיג, גרינג צו ווערען פערפיהרט.

frail'ness *n.* (פרייל'-נעס) ז. *frailty*

frail'ty *n.* (פרייל'-טי) שוואכקייט; ניט שטאנדהאפטיגקייט; דאס קענען לייכט פערפיהרט ווערען; א זינד אדער פעהלער צוליעב שוואכען כאראקטער.

fraim *a.* (פריים) ז. *fremd*

fraise *n.* (פרייז) אין בעפעסטיגונגס-ווערק — א צאם פון שפיציגע פלעקער; אזא געצייג ביי מארמאר-שטיין-ארבייטער צו פערגרעסערען געבויערטע לעכער; א פאן-קוכען מיט שווייגען-פלייש אינוועניג.

fraised *a.* (פרייזד) בעפעסטינט מיט א צאם פון שפיציגע פלעקער.

frame *v. and n.* (פריים) איינראהמען, איינפאסען אין א ראהם; צופאסען; צונויפפאסען, צונויפשטעלען; פארמען, בילדען, בויען; אויסטראכטען; אויסדענקען; בעשאפען; א ראהם; דער סקעלעט [פון א געביידע]; די איינארדנונג; די איינריכטונג; א פארם, א געשטאלט; א געשטעל; א געמיטס-צושטאנד, שטימונג.

framed and glazed (פריימד ענד גלייזד) פיקס און פארטיג.

frame'-house *n.* (פריים'-האוס) א הילצערן הויז וואס ווערט צוערשט צונויפגעשטעלט ווי א ראהם און בעדעקט מיט ברעטער.

frame'-ma'ker *n.* (פריים'-מיי'-קער) א ראהמען-מאכער.

fra'mer *n.* (פריי'-מער) אן איינראהמער [איינער וואס פאסט איין אין א ראהם]; א פערפארטיגער; אן איינריכטער; אן ערפינדער, א שעפפער.

frame'-saw *n.* (פריים'-סאה) א געשטעל-זעג אדער ראהם-זעג [א זעג איינגעפאסט אין א געשטעל].

frame'-tim'ber *n.* (פריים'-טימ'-בער) דאס האלץ פון וואס עס ווערט געמאכט דער סקעלעט [ראהם] פון א הויז אדער שיף.

frame'work *n.* (פריים'-הוואירק) ראהמען-ווערק; א ראהם, א סקעלעט.
The bones are the framework of the body.

fra'ming *n.* (פריי'-מינג) א ראהמען-ווערק; דאס צונויפשטעלען א ראהם.

franc *n.* (פרענק) א פראנק [א פראנצויזישע זילבערנע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 20 אמעריקאנישע סענט].

France *n.* (פרענס) פראנקרייך.

fran'chise *n.* (פרענ'-טשיז) א קאנצעסיע, לגאטע אדער פריווילעגיע וואס ווערט נעגעבען אן איינצעלנער פערזאן אדער געזעלשאפט; א פאליטיש רעכט וואס דאס פאלק האט [ווי שטים-רעכט]; די טעריטאריע אדער בעצירק אויף וועלכע אימעצער האט בעקומען א קאנצעסיע; א שוץ-פלאץ וואו א פערזאן איז געשיצט ניט צו קענען ארעסטירט ווערען.

fran'chisement *n.* (פרענ'-טשיז-מענט) בעפרייאונג [פון א לאסט אדער בעשרענקונג].

Francis'can *a. and n.* (פרענ-סיס'-קען) וואס געהערט צו דעם מאנאכען-ארדער פון דעם הייליגען פראנצים; א מיטגליעד פון דיעזען ארדער, א פראנציסקאנער גלח.

fran'colin *n.* (פרענ'-קא-לין) די פראנקאלין-הוהן [אזא הוהן מיט זעהר שעהן-קאלירטע פעדערען און א לענגליכען עק. געפינט זיך הויפטזעכליך אין אזיען].

fran'gent *a.* (פרענ'-דזשענט) וואס צוברעכט, וואס פעראורזאכט, אז עס זאל צוברעכען ווערען.

frangibil'ity *n.* (פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) צוברעכליכקייט.

fran'gible *a.* (פרענ'-דזשיבל) צוברעכליך, וואס קען צובראכען ווערען.

fran'gibleness *n.* (פרענ'-דזשיבל-נעס) ז. *frangibility*

frangipa'ni *n.* (פרענ-דזשי-פא'-ני) א מין פארפומע וואס ווערט געמאכט פון וועסט-אינדישען רויטען יאסמין.

Frank *n.* (פרענק) א פראנק, א מיטגליעד פון די גערמאנישע שבטים וואס האבען זיך בעזעצט אויף דעם טייך רהיין אין דעם 5טען יאהרהונדערט; אן איירא-פעער אין די אריענטאלישע לענדער.

frank *a., n. and v.* (פרענק) פראנק, פריי, אפען, בערייטוויליג; פרייגעביג; די אונטערשריפט פון א פערזאן אויף א בריעף אדער פאקעט, וואס האט דאס רעכט צו בעפרייען פאסט-זאכען פון פאסט-אבצאהל; דאס רעכט צו שיקען בריעף דורך פאסט

פריי. אהן מארקען; א בריעף וואס קען געשיקט ווערען פריי דורך פאסט אהן מאר־קען; פראנקירען א בריעף [שיקען א בריעף פריי דורך פאסט אהן מארקען].

frank'-chase *n.* (פרענק׳-טשייס) דאס פרייע יאגד־רעכט.

frank'-fee *n.* (פרענק׳-פיע) א גרונד־איינענטום וואס איז פריי פון אבגאבען.

frank'-hear'ted *a.* (פרענק׳-הארט־עד) וואס איז אפענהערציג.

frank'-hear'tedness *n.* (פרענק׳-הארט־עד-נעס) אפענהערציגקייט.

frank'incense *n.* (פרענק׳-אינ-סענס) אזא אראמאטישער פעך־זאפט וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסען זארט בוימער און פלעגט אין די אלטע צייטען בענוצט ווערען אלס ווייהרויך [קטורת] ביי רעליגיעזע צערעמאניעס.

Fran'kish *a.* (פרענ׳-קיש) וואס איז שייך צו די פראנקען; וואס אנבעלאנגט צו אן אייראפעער [אין בעצוג צו די ארי־ענטאלישע לענדער]. ז. *Frank*.

frank'lin *n.* (פרענק׳-לין) א בעזיצער פון גיטער וואס זיינען פריי פון צינזען; א קליינער לאנד־בעזיצער.

Franklin'ian *a.* (פרענק-לינ׳-אי-ען) וואס איז שייך צו דעם אמעריקאנער נא־טור־פארשער און פאליטיקער בנימין פרענק־לין, דער ערפינדער פון בליץ־אבלייטער [געבארען אין יאהר 1706, געשטארבען אין 1790].

Franklin'ic electric'ity (פרענק-לינ׳-איק אי-לעק-טריס׳-אי-טי) פרענקלינישע עלעקטריציטעט, עלעקטריציטעט וואס ווערט ערהאלטען דורך רייבונג.

frankliniza'tion *n.* (פרענק-לינ-אי-זיי׳-שאן) דאס היילען קראנקהייטען מיט רייבונגס־עלעקטריציטעט.

frank'ly *adv.* (פרענק׳-לי) אויף אן אפענעם, נים קיין פערשטעלטען אופן; אפענהערציג.

frank'ness *n.* (פרענק׳-נעס) אפענהער־ציגקייט.

frank'-ten'ement *n.* (פרענק׳-טענ׳-אי-מענט) ז. *frank-fee*.

fran'tic *a.* (פרענ׳-טיק) אויפגעבראכט, אויפגעקאכט פון צארן; ווילד, וויטענד, וואהנזיניג.
He was frantic with rage.

fran'tically *adv.* (פרענ׳-טי-קעל-אי) אויף אן אויפגעבראכטען אדער ווילדען אופן.

fran'ticly *adv.* (פרענ׳-טיק-לי) ז. *frantically*.

fran'ticness *n.* (פרענ׳-טיק-נעס) אויפ־געבראכטקייט, וואוטה; וואהנזיניגקייט.

frap *v.* (פרעפ) ארומבינדען מעהרערע מאל [ווענען טיילען פון א שיף].

frappé' *a. and n.* (פרע-פיי׳) אבגע־קיהלט אויף'ן אייז, פערפרארען; מארא־שינע [געפרארענעס] און אנדערע עהנ־ליכע זאכען בעגאסען מיט פרוכט־זאפט.

fratch *n.* (פרעטש) א קריגעריי, א מחלוקה.

fra'ter *n.* (פריי׳-טור) א ברודער; א מאנאך.

frater'nal *a.* (פרע-טור׳-נעל) ברידער־ליך.

frater'nally *adv.* (פרע-טויר׳-נעל-אי) 1. אויף א ברידערליכען אופן; 2. מיט ברידערליכען גרוס.
2. Fraternally yours, J. Jones.

frat'ernate *v.* (פרעט׳-אויר-נייט) ז. *fraternize*.

fraterna'tion *n.* (פרעט-אויר-ניי׳-שאן) פערברידערונג.

frat'ernism *n.* (פרעט׳-אויר-ניזם) ז. *fraternization*.

frater'nity *n.* (פרע-טויר׳-ני-טי) ברי־דערליכקייט; ברידערשאפט, פריינדשאפט; א ברידערליכער סטודענטען־פעראיין [די מייסטע פון זיי זיינען פערבונדען מיט געוויסע צערעמאניעס, אנדערע זיינען גע־היימע].

fraterniza'tion *n.* (פרעט-אויר-ני-זיי׳-שאן) די פערברידערונג, די פעראייניגונג אין א ברידערליכער געזעלשאפט.

frat'ernize *v.* (פרעט׳-אויר-נאיז) ברי־דערליך צוזאמען לעבען; זיך פערברידע־רען.

frat'ricidal *a.* (פרעט׳-רי-סאי-דעל) וואס געהערט צו א ברודער־מערדער אדער א ברודער־מארד.

frat'ricide *n.* (פרעט׳-רי-סאיד) א ברו־דער־מערדער; א ברודער־מארד.

frau *n.* (פראו) א פערהייראטע פרוי, מאדאם.

fraud *n.* (פראהד) בעטרוג; פעלשונג; א בעטריגער.

fraud'ful *a.* (פראהד׳-פול) בעטריגע־ריש.

fraud'fully *adv.* (פראהד׳-פול-אי) אונעהרליך; אויף א בעטריגערישען אופן.

fraud'less *a.* (פראהד׳-לעס) אהן בעטרוג.

fraud'lessly *adv.* (פראהד׳-לעס-לי) אהן בעטרוג.

fraud'lessness *n.* (פראהד׳-לעס-נעס) דאס זיין פריי פון בעטרוג.

frau'dulence *n.* (פראה׳-דיו-לענס) בע־טריגעריי, פאלשקייט.

frau'dulency *n.* (פראה׳-דיו-לענ-סי) ז. *fraudulence*.

frau'dulent *a.* (פראה׳-דיו-לענט) בע־טריגעריש.

frau'dulently *adv.* (פראה׳-דיו-לענט-לי) אויף א בעטריגערישען אופן.

frau'dulentness *n.* (פראה׳-דיו-לענט-נעס) דאס זיין בעטריגעריש.

fraught *v. and a.* (פראהט) אנלאדען [א שיף]; אנפאקען, אנפילען; בעלאדען; אנגעלאדען, פול, אנגעפילט.

fräu'lein *n.* (פריי׳-ליין) [אן] פריילין [אן אונפערהייראטע פרוי].

fray *v. and n.* (פריי) אברייבען; אויס־רייבען, דורכרייבען [ווענען קליידער־שטאף]; א געשלעג, א רייסעריי; א קריע־געריי; א פאנאנדערגעצויגענער אדער אויסגעריבענער ארט אין א קלייד.

fraz'zle *v. and n.* (פרעזל) אויסרייבען, דורכרייבען [ווענען קליידער־שטאפען]; דאס זיין אויסגעריבען אדער דורכגעריי־בען; אבגעריבענע ענדען.

freak *n. and v.* (פריעק) א קאפריז; א משוגע'נער אויפטהו, א משוגעת, עט־וואס זאנדערבארעס; א שפרענקעל; א פלעק; טאנצען, שפרינגען, ארויסצייגען משוגע'נע שטיק, זיך נאריש מאכען; בע־שפרענקלען; בעשפריצען, בעפלעקען [מיט שפרענקלעך].

freak'ful *a.* (פריעק׳-פול) קאפריזנע, זאנדערבאר, מאדנע.

frea'kiness *n.* (פריע׳-קי-נעס) דאס האבען משוגע'נע, מאדנע איינפאלען; דאס זיין קאפריזנע אדער זאנדערבאר.

frea'kish *a.* (פריע׳-קיש) וואס האט מאדנע, משוגע'נע איינפאלען; קאפריזנע, מאדנע; וואס קומט פון א קאפריז אדער פון א מאדנעם, משוגע'נעם איינפאל.

frea'kishly *adv.* (פריע׳-קיש-לי) אויף א זאנדערבארען שטייגער; דורך א קאפריז.

frea'kishness *n.* (פריע׳-קיש-נעס) ז. *freakiness*.

frea'ky *a.* (פריע׳-קי) קאפריזנע, זאנ־דערבאר; וואס האט זאנדערבארע, משוגע־נע איינפאלען.

freck *v.* (פרעק) בעדעקען אדער זיין בע־דעקט מיט זומער־שפרענקלעך; בעשפרענק־לען; בעפלעקען [מיט שפרענקלעך].

freck'le *n. and v.* (פרעקל) א זומער־שפרענקעל, א שפרענקעל, א פלעק; בעדע־קען אדער זיין בעדעקט מיט זומער־שפרענקלעך.

freck'led *a.* (פרעקלד) בעדעקט מיט זומער־שפרענקלעך; בעשפרענקעלט; בע־פלעקט [מיט שפרענקלעך].

freck'ledness *n.* (פרעק׳לד-נעס) דאס זיין בעדעקט מיט זומער־שפרענקלעך; דאס זיין געשפרענקעלט; דאס זיין געפלעקט [מיט שפרענקלעך].

freck'le-faced *a.* (פרעק׳ל-פייסט) וואס האט א געזיכט בעדעקט מיט זומער־שפרענקלעך.

freck'ling *n.* (פרעק׳-לינג) א שפרענקעל, א פלעק.

freck'ly *a.* (פרעק׳-לי) געשפרענקעלט.

fredon' *n.* (פרע-דאהן׳) אין מוזיק — מע־לאדישע בעציערונגען.

free *a., adv. and v.* (פריי) פריי; אפען, אפענהערציג; פרייגעביג, פרייוווי־ליג, גוטוויליג; צולאזען; אויף א פרייען שטייגער; בעפרייען, פריי מאכען.

free admis'sion (פריי עד-מיש׳-אן) פרייער איינטריט.

free a'gency (פריי איי׳-דזשענ-סי) פרייע זעלבסט־בעשטימונג; פרייהייט צו האנדלען לויט דעם אייגענעם ווילען.

free a'gent (פריי איי׳-דזשענט) וואס האט א פרייען ווילען; איינער וואס איז פריי צו האנדלען לויט זיין אייגענעם ווי־לען; א "פרייער פויגעל".

free'-and-ea'sy *n.* (פריי׳-ענד-איע׳-זי) א קלוב, וואוהין די מיטגליעדער קו־מען זיך צונויף בלויז אום זיך צו פיהלען געמיטליך און פריי [ביים רויכערען, זינ־גען, טרינקען א. ד. ג.].

free and ea'sy (פריי ענד איע׳-זי) לוסטיג, היימיש, אונגעצוואונגען.

free and fair (פריי ענד פעהר) אפען און עהרליך.

free a ship (פריי ע שיפ) פאלשטענ־דיג אויספומפען דאס וואסער פון א שיף.

free'booter *n.* (פריי׳-בוה-טער) א רוי־בער; א ים־רויבער.

free'booting *n. and a.* (פריי׳-בוה-טינג) רויבעריי; ים־רויבעריי; רויבענ־דיג; בעשעפטיגענדיג זיך מיט ים־רויבעריי.

free'booty *n.* (פריי׳-בוה-טי) רויבע־ריי; ים־רויבעריי.

free'-born *a.* (פריי׳-באהרן) פריי גע־בארען, וואס איז א פרייער בירגער פון געבורט.

free church (פריי טשוירטש) א פרייע קירך, א קירך מיט פרייע זיץ־פלעצער פאר יעדען; א קירך אהן דאגמען.

free cit'y (פריי סיט׳-אי) א פרייע שטאדט, א רייכס־שטאדט [ווי די שטעדט האמבורג, ליבעק און ברעמען, וועלכע זיי־נען זעלבסטשטענדיגע רעפובליקען אין דעם פעראייניגטען דייטשען רייך].

free com'merce (פריי קאמ׳-אוירס) ז. *free trade*.

freed'man *n.* (פריעד׳-מען) א פריי־געלאזענער, א בעפרייטער קנעכט.

Freed'men's Bu'reau (פריעד׳-מענז

ביו'-ראו) די ביורא וועלכע איז געשאפען געווארען פון קריענס-דעפארטאמענט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין יאהר 1865 צו זארגען פאר די אינטערעסען פון די בעפרייטע נעגערס. דיזע ביורא האט עקזיסטירט ביז דעם יאהר 1872.

free'dom *n.* (פריע'-דאם) פרייהייט; אפענהערציגקייט; דאס זיין אפען; אונגעצוואונגענהייט; פרייווילינקייט, גוטווילינקייט, צולאזענקייט.

free'dom of the will (פריע'-דאם אוו טהי הוויל) די פרייהייט פון דעם ווילען; דער פרייער ווילען.

freed'woman *n.* (פריעד'-הוואום-ען) א פריי-געלאזענע, א בעפרייטע שקלאפין.

free'-foot'ed *a.* (פריע'-פוט'-עד) פריי, אונגעצוואונגען [אין בעוועגונגען].

free from care (פריע פראם קעהר) זארגלאז.

free from er'ror (פריע פראם ער'-אר) אהן א פעהלער, ריכטיג.

free from fear (פריע פראם פיער) אונערשראקען.

free gate (פריע גייט) א פרייער איינטריט.

free gift (פריע גיפט) א פרייווילינ געשענק.

free goods (פריע גודז) אויסלענדישע סחורות, אויף וועלכע מען צאהלט ניט קיין איינפיהר-צאל.

free'-grace *n.* (פריע'-גרייס) פרייע גנאדע, גאטעס גנאדע.

free'-hand *a.* (פריע'-הענד) מיט ניט געבונדענע הענד, אונגעשטערט; מיט אן אפענער האנד, פרייגעביג; פון פרייער האנד [געמאכט אהן אינסטרומענטען].

free'-han'ded *a.* (פריע'-הענ'-דעד) מיט ניט געבונדענע הענד, אונגעשטערט; וואס האט אן אפענע האנד, פרייגעביג.

free'-han'dedness *n.* (פריע'-הענ'-דעד-נעס) דאס האבען א פרייע האנד, פרייגעביגקייט; דאס האבען די הענד ניט געבונדען.

free'-hear'ted *a.* (פריע'-האר'-טעד) אפענהערציג; פרייגעביג.

free'-hear'tedness *n.* (פריע'-האר'-טעד-נעס) אפענהערציגקייט; פרייגעביגקייט.

free'hold *n.* (פריע'-האולד) גרונד-אייגענטום וואס ווערט איינעם געגעבען אויף'ן גאנצען לעבען אדער אויף פאר זיינע יורשים; אונבעשרענקט גרונד-אייגענטום.

free'holder *n.* (פריע'-האול-דער) א בעזיצער פון אונבעשרענקטען גרונד-אייגענטום. ז. *freehold*.

free la'bor (פריע ליי'-באר) פרייע ארבייט [ארבייט געמאכט פון פרייע מענשען, ניט פון שקלאפען].

free'-lance *n.* (פריע'-לענס) א פרייער, אונאבהענגיגער מענש [אין האנדלונגען און איבערצייגונגען]; איינער וואס שטעלט זיך ניט אב פאר קיין זאך, ווען ער אטאקירט זיינע געגנער [שריפטליך אדער מינדליך]; אין מיטעלאלטער — א געדונגענער פראפעסיאנעלער סאלדאט [הויפטזעכליך א פיהרער פון א באנדע פראפעסיאנעלע סאלדאטען].

free list (פריע ליסט) די פרייע ליסטע [א צעטעל פון וואארען וואס זיינען פריי פון טאריף-אבצאהלונגען]; א צעטעל פון מענשען, וועלכע האבען ערגיץ א פרייען איינטריט אדער וועלכע ניט איז אנדערע ספעציעלע פריווילעגיע.

free'-liv'er *n.* (פריע'-ליוו'-ער) א זולל וסובא, א גע'שמד'טער האלז.

free'-liv'ing *a. and n.* (פריע'-ליוו'-אינג) פיהרענדיג א צולאזען, ברייט לעבען; דאס זיין א זולל וסובא.

free love (פריע לאוו) פרייע ליעבע [די לעהרע, אז דאס געשלעכטליכע צוזאמענלעבען פון פרוי און מאן דארף ניט בעשרענקט ווערען פון געזעצען, רעגעלען און ספעציעלע פערפפליכטונגען].

free'-lov'er *n.* (פריע'-לאוו'-ער) א פריי-ליעבניק, אן אנהענגער פון פרייער ליעבע. ז. *free love*.

free'ly *adv.* (פריע'-לי) אויף א פרייען אדער אפענעם אופן; אהן שטערונגען, אהן אבהאלט; לייכט; פיעל; אויף'ן ברייטען שטיינער; מיט אפענהערינקייט, מיט פרייווילינקייט, מיט פרייגעביגקייט.

free'man *n.* (פריע'-מען) א פרייער מאן; א פרייער בירגער.

freema'son *n.* (פריע-מיי'סן) א פריימויערער, א מיטגליעד פון דעם געהיימען פריימויערער ארדען [דער ארדען איז געגרינדעט געווארען נאך אין מיטעלאלטער און איז בעשטאנען נור פון בעלי מלאכות; שפעטער אבער איז די מיטגליעדערשאפט געווארען אונבעשרענקט און אויך די אויפגאבען און דער כאראקטער פון דעם ארדען האבען זיך געענדערט. די הויפט-פרינציפען פון דיזען ארדען, וועלכער האט אבטיילונגען אין אלע ציוויליזירטע לענדער, זיינען: צדקה, ברידערליכע ליעבע און געגענזייטיגע שטיצע. דער ארדען האט אן אויסגעארבייטע סיסטעם פון צערעמאניעס און געהיימע צייכענס].

freemason'ic *a.* (פריע-מיי-סאנ'-איק) פריימויעריש, וואס איז שייך צו די פריימויערער. ז. *freemason*.

freema'sonry *n.* (פריע-מיי'סנ-רי) פריימויעריי; א געהיימע געזעלשאפט. ז. *freemason*.

free'-min'ded *a.* (פריע'-מאינ'-דעד) זארגלאז.

free'ness *n.* (פריע'-נעס) פרייקייט; אפענהערציגקייט; פרייגעבינקייט.

free pass (פריע פעס) א פרייער בילעט.

free play (פריע פליי) א פרייע האנד, אונבעשרענקט, אונגעשטערט.

free port (פריע פאורט) א פרייער האפען [וואוהין עס איז ערלויבט אריינצוקומען די שיפען פון אלע נאציאנען, אדער וואו מען דארף ניט צאהלען קיין טאריף-שטייערען אויף די אריינגעפיהרטע סחורות].

fre'er *n.* (פריע'-ער) א בעפרייער.

free school (פריע סקוהל) א פרייע שוהל [א שוהל, וואו מען דארף ניט צאהלען פאר לערנען, א שוהל וואס ווערט אויסגעהאלטען פון דער שטאדט אדער פון שטאאט].

free scope (פריע סקאופ) ז. *free play*.

free ser'vice (פריע סויר'-ווים) אין דער פעאדאלער ארדנונג — די פפליכטען פון די וואסאלען צום לארד.

free ship (פריע שיפ) א שיף וואס בעלאנגט צו א נייטראלען שטאאט און קען ניט פערכאפט ווערען אין צייט פון קריעג; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שיף וואס איז געבויט אין א פרעמדען לאנד, וועלכע בעלאנגט אבער צו א בירגער פון די פעראייניגטע שטאאטען און ווערט דארט רעגיסטרירט.

free'-soil' *a.* (פריע'-סאיל') וואס איז שייך צו דער פריי-באדען-פארטיי, וואס איז אן אנהענגער פון דער פריי-באדען-פארטיי [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]. ז. *Free-soil party*.

Free'-soi'ler *n.* (פריע'-סאי'-לער) א מיטגליעד פון דער פריי-באדען-פארטיי [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]. ז. *Free-soil party*.

Free'-soil' par'ty (פריע'-סאיל' פאר'-טי) די פריי-באדען-פארטיי [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א פארטיי וואס האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1848 און האט געהאט די אויפגאבע צו שטערען די איינפיהרונג פון שקלאפעריי אין די טעריטאריעס. אין יאהר 1854 האט דיזע פארטיי בעקומען דעם נאמען רעפובליקאנישע].

free'-spo'ken *a.* (פריע'-ספאו'קן) פריי אין רעדען, אפענהערציג.

free'-spo'kenness *n.* (פריע'-ספאו'קנ-נעס) אפענהערציגקייט.

free'-stan'ding *a.* (פריע'-סטענ'-דינג) אבגעזונדערט, אבגעטיילט.

free States (פריע סטייטס) די פרייע שטאאטען, די שטאאטען, וואו עס האט ניט עקזיסטירט קיין שקלאפעריי — אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, פאר דעם בירגער-קריעג.

free'stone *n. and a.* (פריע'-סטאון) א זאמד-שטיין; וואס בעשטעהט פון זאמד-שטיין; וואס דאס קערענדעל אדער בייגדעל טיילט זיך לייכט אב [וועגען פרוכטען].

free'-swim'mer *n.* (פריע'-סהווימ'-ער) א פיש וואס שווימט פון אויבען, ביי דער וואסער-אויבערפלעכע.

free'-swim'ming *a.* (פריע'-סהווימ'-אינג) וואס האלט זיך ניט אין א בעשטימטען פלאץ [וועגען וואסער-חיות].

free'-thin'ker *n.* (פריע'-טהינ'-קער) א פריידענקער, אן אונגלויביגער, אן אטהעאיסט; איינער וואס אנערקענט ניט קיין דאגמאס און אורטיילט נאך זיין איינענעם פערשטאנד, א ראציאנאליסט.

free'-thin'king *n.* (פריע'-טהינ'-קינג) דאס פריי-דענקען. ז. *free-thinker*.

free thought (פריע טהאהט) דער פרייער געדאנק. ז. *free-thinker*.

free to confess' (פריע טו קאנ-פעס') אפען מודה זיין, אפען צונעבען.

I am free to confess that I sometimes make serious blunders.

free'-tongued *a.* (פריע'-טאנגד) ז. *free-spoken*.

free trade (פריע טרייד) פרייער האנדעל [אהן טאריף-אבצאהל].

free'-tra'der *n.* (פריע'-טריי'-דער) אן אנהענגער אדער פרעדיגער פון פרייען האנדעל [אהן טאריף-אבצאהל].

free'warren *n.* (פריע'-הוואר-ען) אין ענגלאנד — דאס אויסשליסליכע רעכט צו געהן אויף יאגד אין געוויסע געגענדען.

free'will *n. and a.* (פריע'-הוויל) א פרייער ווילען; א גוטער ווילען; וואס איז געטהאן מיט'ן פרייען ווילען.

He did this of his own free will.

free'-willed *a.* (פריע'-הווילד) וואס האט א פרייען ווילען.

free'woman *n.* (פריע'-הוואום-ען) א בעפרייטע שקלאפין.

freeze *v. and n.* (פריעז) פערפריהרען; פריהרען; פערפרארען ווערען; שטעהן אויף'ן פריהרונגס-פונקט [וועגען טעמפעראטור]; פערקיהלט ווערען; א פראסט.

freeze in (פריעז אין) איינגעפרארען ווערען; בעדעקען זיך מיט אייז.

freeze out (פריעז אוט) אויספריהרען, ארויסשטויסען, ארויסטרייבען.

The partners desire to freeze him out of the business.

free′zer *n.* (פריע׳-זער) דער אדער דאס וואס פערפריהרט אדער פערקיהלט.

freeze to (פריעז טו) צופריהרען, שטארק צובינדען איינעם אדער עפעס צו א זאך.

free′zing *n. and a.* (פריע׳-זינג) דאס פערפריהרען; דאס פערגליווערען דורך קעלט; א קאלטע אויפנאהמע; פערפריהרענד; פערגליווערענד דורך קעלט; זעהר קאלט; קאלט, פערפריהרענד [אין די בעציהונגען צו אנדערע מענשען].

free′zing-box *n.* (פריע׳-זינג-באקס) א קאסטען, אין וועלכען מען פערפריהרט פיש.

free′zingly *adv.* (פריע׳-זינג-לי) אויף א פריהרענדען, קאלטען שטייגער; מיט א קאלטער אויפנאהמע.

free′zing-mix′ture *n.* (פריע׳-זינג-מיקס׳-טשור) א געוויסע מיקסטור אדער כעמישע צוזאמענמישונג פון שטאפען, מיט וועלכער מען קען פערפריהרען אדער פערגליווערען פליסיגקייטען.

free′zing-point *n.* (פריע׳-זינג-פאינט) דער פריהרונגס-פונקט [דער פונקט פון טערמאמעטער, וועלכער בעצייכענט די טעמפעראטור ביי וועלכער וואסער ווערט פערפרארען, ווי דער פונקט 32 פון פארענהייט׳ס טערמאמעטער אדער דער פונקט 0 פון צעלזיוס].

freight *n. and v.* (פרייט) פראכט, לאדונג, משא [אויף א שיף אדער וואגאן]; פראכט-געלד אדער דאס געצאהלט פאר טראנספארטירען סחורות פון איין ארט צום צווייטען; דער פרייז וואס מען צאהלט פאר פיהרען פראכט; אנלאדען א שיף אדער וואגען מיט סחורה; דינגען א שיף אדער וואגען צו טראנספארטירען משא; טראנספארטירען סחורות.

freigh′tage *n.* (פריי׳-טעדזש) פראכט-געלד; פראכט-אנלאדונג; דאס טראנספארטירען סחורות.

freight′-car *n.* (פרייט׳-קאר) א פראכט-וואגאן [א וואגאן פון אייזענבאהנען פאר משא].

freigh′ter *n.* (פריי׳-טער) א בעפראכטער [איינער וואס לאדעט אן א שיף]; איינער וואס דינגט א שיף אדער וואגאן צו טראנספארטירען סחורות; די שיף אדער דער וואגאן וואס איז געדונגען געווארען פאר פראכט.

freight′-house *n.* (פרייט׳-האוס) א שפייכלער וואו מען לעגט אב פראכט.

freigh′ting *n.* (פריי׳-טינג) די בעפראכטונג; די בעלאדונג; דאס טראנספארטירען סחורות.

freight′less *a.* (פרייט׳-לעס) וואס איז אונבעפראכטעט; וואס האט ניט אויף זיך קיין משא.

fremd *a.* (פרעמד) פרעמד; אויסלענדיש; וואס איז ניט קיין קרוב; מאדנע; ניט געוועהנליך.

French *a. and n.* (פרענטש) פראנצויזיש; וואס איז שייך צו פראנקרייך; די פראנצויזישע שפראך; דאס פראנצויזישע פאלק.

French and Eng′lish (פרענטש ענד אינ׳-גליש) א קינדערשע מלחמה-שפיעל.

French ber′ry (פרענטש בער׳-אי) א מין יאגדע וואס ווערט בענוצט אין געלבע פארבען.

French chalk (פרענטש טשאהק) א ווייסער ריינער קרייד וואס ווערט בענוצט פון שניידער צו צייכענען אויף׳ן שטאף.

French crown (פרענטש קראון) א געוויסע פראנצויזישע מטבע [א קראנע].

French grass (פרענטש גרעס) א מין קלעווער אדער זיסליך גראז, וואס דיענט אלס פוטער פאר בהמות.

French hon′eysuckle (פרענטש האנ׳-אי-סאקל) ז. *French grass*

French horn (פרענטש הארן) א מין מוזיקאלישער בלאז-אינסטרומענט.

Fren′chify *v.* (פרענ׳-טשי-פאי) פערפראנצויזעווען, מאכען פראנצויזיש; אנשטעקען מיט פראנצויזישע זיטען און געשמאק.

Fren′chiness *n.* (פרענ׳-טשי-נעס) דאס זיין פערפראנצויזעוועט; דאס נאכטאנצען נאך די פראנצויזישע זיטען און מאניערען.

French leave (פרענטש ליעוו) א פראנצויזיש געזעגענען-זיך [אוועקגעהן אהן א זיי-געזונד].

french lock (פרענטש לאק) א געקרויזטער לאנגער לאק [ווי עס פלעגען אמאל טראגען מענער].

French′man *n.* (פרענטש׳-מען) א פראנצויז; א פראנצויזישע שיף.

French pie (פרענטש פאי) דער גרויסער האלץ-פיקער [א מין פויגעל].

French pol′ish (פרענטש פאל׳-איש) פראנצויזישע פאליטור אדער שעללאק-פאליטור.

French pox (פרענטש פאקס) פראנצעז, סיפיליס.

French red (פרענטש רעד) רויטע שעהנהייטס-פארב, רויטע פוץ-פארב.

French roof (פרענטש רוהף) א מין מאנסארדען-דאך [א געוויסע פארם פון א דאך].

French white (פרענטש הוואיט) צומאלענער טאלק-שטיין; א מין ווייסע בליי.

French wil′low (פרענטש הוויל׳-או) א מין בוימעל מיט ווייסע בלעטער, וואס וואקסט אין די נאסע געגענדען פון צפון-אייראפא און אזיען. ווערט פיעל בענוצט צו מאכען קאשיקעס און קערב.

Fren′chy *a. and n.* (פרענ׳-טשי) פערפראנצויזעוועט; וואס טאנצט נאך נאך די פראנצויזישע זיטען און מאניערען; א פראנצויז.

frenet′ic *a.* (פרי-נעט׳-איק) ז. *frantic*

frenet′ical *a.* (פרי-נעט׳-אי-קעל) ז. *frantic*

fren′zical *a.* (פרענ׳-זי-קעל) וואס איז נעניינט צו משוגעת.

fren′ziedly *adv.* (פרענ׳-זיד-לי) אויף אן אויפגעבראכטען שטייגער; אויפגעקאכטערהייד; מיט גרימצארן; ווי א משוגענער.

fren′zy *n. and v.* (פרענ׳-זי) וואהנזין, משוגעת; א ווילדע צוקאכטקייט; צוהיצען, אויפברייגגען, מאכען משוגע.

fre′quency *n.* (פרי׳-קהווענ-סי) דאס טרעפען זיך אפט; אן אפטע פאסירונג; דאס פערהעלטניס פון דער צאהל וויפיעל מאל א געוויסע פאסירונג איז געשעהן צו דער צאהל וויפיעל מאל דיעזע פאסירונג האט געקענט געשעהן.

fre′quent *a.* (פרי׳-קהווענט) וואס ערשיינט אפט; וואס עס קומט פאר אדער עס חזר׳ט זיך איבער אפט; וועלכער טהוט אפט איינע און דיעזעלבע זאך.

frequent′ *v.* (פרי-קהווענט׳) אפט בעזוכען אימעצען אדער עפעס.

frequen′table *a.* (פרי-קהווענ׳-טעבל) וואס לאזט זיך אפט בעזוכען.

frequenta′tion *n.* (פרי-קהווענ-טיי׳-שאן) די אפטע בעזוכונג; דאס קומען אפט צו גאסט.

frequen′tative *a. and n.* (פרי-קהווענ׳-טע-טיוו) וואס בעצייכענט ווידערהאלונג; אין גראמאטיק — דער פרעקווענטאטיוו [א צייטווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט, וואס ווערט ווידערהאלט פיעל מאל, ווי ארומפאדען, ארומטאנצען א. ד. ג.].

frequen′ter *n.* (פרי-קהווענ׳-טער) אן אפטער בעזוכער.

I am a frequenter at his house.

fre′quently *adv.* (פרי׳-קהווענט-לי) אפט; פיעל מאל; ווידערהאלענדיג זיך.

fre′quentness *n.* (פרי׳-קהווענט-נעס) אפטקייט; דאס ווידערהאלען זיך אפט.

fres′co *n. and v.* (פרעס׳-קאו) פרעסקא אדער וואנד-מאלעריי מיט וואסער-פארבען; א וואנד-בילד געמאלט מיט וואסער-פארבען; מאלען אויף א וואנד מיט וואסער-פארבען.

fres′coing *n.* (פרעס׳-קא-אינג) דאס מאלען אין פרעסקא. ז. *fresco*

fres′co-pain′ter *n.* (פרעס׳-קאו-פיינ׳-טער) א פרעסקא-מאלער, איינער וועלכער מאלט בילדער אויף א וואנד מיט וואסער-פארבען.

fresh *a., n. and adv.* (פרעש) פריש; יונג, שטארק, פול מיט לעבען; מיט אבגעפרישטע קרעפטען; ניי, ערשט געמאכט, ערשט פון נאדעל; אונפראקטיש, אהן ערפאהרונג, נאאיוו; קיהל, דערפרישענד; ניט געזאלצען אדער זויער [ווי פריש וואסער, פרישע פיש]; שכור, בעזויפען; נאריש שטאלץ, מיט נארישער גדלות; פרעך, חוצפה׳דיג, מיט העזה; א שטראם, א פערפלייצונג; די צוזאמענמישונג פון פרישען וואסער מיט געזאלצענעם אין א טייך; די ארייגשטרעמונג פון א טייך אין ים; א פריץ, א סטודענט דעם ערשטען יאהר אין אוניווערזיטעט; אויף א פרישען אופן; מיט פרישקייט.

fresh blood (פרעש בלאד) פריש בלוט, פרישע קרעפטען.

Fresh blood is needed in the management of this business.

fresh′-blōwn *a.* (פרעש׳-בלאון) ערשט אויפגעבליהט.

fresh breeze (פרעש בריעז) א קיהל ווינטעל אויף׳ן ים.

fresh′-col′ored *a.* (פרעש׳-קאל׳-ארד) מיט פרישע, לעבעדיגע פארבען.

fresh′en *v.* (פרעשן) ערפרישען, מחיה זיין; פריש ווערען; קיהלען; אבפרישען, מאכען ניט געזאלצען [וואסער].

fresh′et *n.* (פרעש׳-עט) אן אנלויף פון וואסער; א געוויסער; א פערפלייצונג.

fresh′ly *adv.* (פרעש׳-לי) פריש; ניט לאנג; ערשט נעמאכט.

fresh′man *n. and a.* (פרעש׳-מען) א פריץ, א נייער מענש; א נייער שילער וואס איז ערשט אנגעקומען אין קלאס; וואס איז שייך צו א ניי-אנגעקומענעם שילער אדער צום קלאס, וואו עס זיצען די שילער פון ערשטען יאהר.

fresh′manhood *n.* (פרעש׳-מען-הוד) דאס זיין א פריץ; די צייט פון זיין א פריץ [דאס ערשטע יאהר אין שוהל אדער אוניווערזיטעט].

fresh′manship *n.* (פרעש׳-מען-שיפ) דאס זיין א שילער דעם ערשטען יאהר אין שוהל אדער אוניווערזיטעט.

fresh′ness *n.* (פרעש׳-נעס) פרישקייט; קיהלקייט; נייקייט.

fresh news (פרעש ניוז) די לעצטע נייעס.

fresh'-shot *n.* (פרעש'-שאט) דער שטראם פון פרישען טייך=וואסער ביים אריינפאל פון טייך אין ים.

fresh up (פרעש אפ) ערפרישען.

fresh'-wa'ter *a.* (פרעש'-הוואה'-טער) וואס איז שייך צו פריש [ניט געזאלצען] וואסער; וואס לעבט אין פרישען וואסער; אונערפאהרען, ניט געלערענט.

fresh'-wa'ter sai'lor (פרעש'-הוואה'-טער סיי'-לאר) א מאטראז אויף א שיף, וואס שווימט ארום איבער טייכען און ניט איבער'ן ים.

fret *v. and n.* (פרעט) נאגען, טאטשען, אויספרעסען; אבטראגען, אברייבען, קראצען; אויפברויזען; אויפרעגען, ערגערען; זיך אבנוצען; זיין אבגעטראגען; זיך ערגערען, זיך בעאונרוהיגען; זיין אויפגעברויזט; זיך ריהרען, געהרען [ווי א געטראנק בעת עס זייערט]: בעציערען א זאך מיט שטרייפען, מאכען פאסיקעס; דאס אבנוצען, דאס אבטראגען; אן אבגעריבען אדער אויסגעניצעוועט שטיק אין א בגד; דאס פריען [ווי די הויט פון א קינד אין געוויסע טיילען פון קערפער]; א לישאיע; אונרוהינקייט, אויפגעבראכטקייט, אויפרעגונג; דאס אויפברויזען פון וואסער; גלאזור אדער גלייז מיט וועלכע די טעפער בעניסען ליימענע כלים; אן ארנאמענט אדער פערציערונג פון א זאך מיט שטרייפען אדער ליניען, וועלכע זיינען רעכט=ווינקעליג געצויגען היין און הער [ז. אילוסטראציאן]; אין א גיטארע און אנדערע אזעלכע מוזיקאלישע אינסטרומענטען — די ווייסע פאסיקעס וואס ליעגען אין דער ברייט פון גריף אדער פון דעם סטרונע=ברעטעל צו בעצייכענען וואו אבצושטעלען זיך מיט די פינגער אויף די סטרונעס.


Fret

fret'ful *a.* (פרעט'-פול) טאטשענד, נאגענד; אבטראגענד, אבניצענד; אויפגעברויזט; אויפגערעגט, צארענדיג, ערגערליך.

fret'fully *adv.* (פרעט'-פול-אי) צארענדיג; מיט ערגערנים.

fret'fulness *n.* (פרעט'-פול-נעס) צארענדיגקייט; רוגזה; ערגערנים.

fret in'to (פרעט אינ'-טו) זיך איינפרעסען אין...

fret'-saw *n.* (פרעט'-סאה) א שמאלע זעג מיט צייהנער.

fret'ted *a.* (פרעט'-עד) אין ארכיטעקטור — מיט פערציערונגען פון שטרייפען אדער ליניען, וועלכע זיינען רעכט=ווינקעליג געצויגען היין און הער.

fret'ter *n.* (פרעט'-ער) דער וואס ערגערט זיך; דאס וואס רענט אויף אדער נאגט.

fret'ty *a.* (פרעט'-אי) בעציערט מיט אבשטעהענדע פיגורען [אין ארכיטעקטור].

fret'work *n.* (פרעט'-הוואירק) פערציערונגס=ארבייט וואס בעשטעהט פון שטרייפען אדער ליניען, וועלכע זיינען רעכט=ווינקעליג געצויגען היין און הער.

friabil'ity *n.* (פראי-ע-ביל'-אי-טי) צוברעקעלדינקייט, דאס קענען צוברעקעלט אדער צוריבען ווערען.

fri'able *a.* (פראי'-עבל) ברעקעלדיג, וואס קען צוברעקעלט אדער צוריבען ווערען.

fri'ableness *n.* (פראי'-עבל-נעס) ז. *friability*.

fri'ar *n.* (פראי'-אר) א מאנאך; אין דרוקעריי — ניט קיין קלאר ארויסגעגאנגענער אבדרוק אויף א געדרוקטען בויגען פאפיער; איינער וואס כאפט פיש מיט א ווענטקע; א מין פיש; דער לעדער=קאפ [ז. *friar-bird*].

fri'ar-bird *n.* (פראי'-אר-בוירד) דער לעדער=קאפ, א מין אויסטראלישער פויגעל וואס עסט האניג [זיין קאפ און האלז זיינען ווענינ בעוואקסען מיט פעדערען].

Friar-bird

fri'ar's-cowl *n.* (פראי'-ארז-קאול) א מין פלאנצע. ז. *Arum*.

fri'ar's-lan'tern *n.* (פראי'-ארז-לענ'-טערן) דאס איר=ליכט אדער בלאנדזשענדע פייערלעך, וואס בעווייזען זיך אין לופט איבער זומפינע ערטער און איבער א בית=הקברות [דיעזע ערשיינונג קומט פאר צוליעב דעם, וואס פערשיעדענע גאזען און בעזאנדערס דער פאספאר=וואסער=שטאף, וואס געהען ארויס פון די פוילענדע ארגאנישע קערפערס, צינדען זיך אן פון צייט צו צייט אין דער לופט].

fri'ary *n. and a.* (פראי'-אר-אי) א מענער=מאנאסטיר, א מאנאכען=קלויסטער; וואס איז שייך צו א מאנאך.

frib'ble *a., n. and v.* (פריבל) קליינליך, נאריש, נידריג, געמיין, לייכטזיניג; א קליינליכער, לייכטזיניגער אדער געמיינער מענש; לייכטזינינקייט, נארישקייט, פוסטע זאכען; זיין פערנומען מיט קליינליכקייטען אדער פוסטע זאכען; שפאסען, מאכען חוזק; פיהרען איינעם פאר דער נאז.

frib'bler *n.* (פריב'-לער) א לייכטזיניגער מענש; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט קליינליכקייטען אדער פוסטע זאכען; א פוסטער פראנט.

fricassee' *n. and v.* (פריק-ע-סיע') פריקאסע [א געריכט וואס בעשטעהט פון צושניטענע שטיקלעך הוהן געבראטען אין סאוס מיט פערשיעדענע פאטראוועס]; מאכען אדער צוגרייטען א פריקאסע.

frica'tion *n.* (פרי-קיי'-שאן) דאס רייבען, די רייבונג.

fric'tion *n.* (פריק'-שאן) דאס רייבען, די רייבונג; ניט איינשטימינקייט, אונצופרידענהייט, שוועריגקייט.

fric'tional *a.* (פריק'-שאנ-על) וואס געהערט צו רייבונג; וואס קומט ארויס פון רייבען.

fric'tional electric'ity (פריק'-שאנ-על אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט וואס בעקומט זיך פון רייבונג.

fric'tion-clutch *n.* (פריק'-שאנ-קלאטש) ז. *friction-coupling*.

fric'tion-coup'ling *n.* (פריק'-שאנ-קאפ'-לינג) פריקציאנס=קופעלונג, די פערבינדונג פון צוויי וואלצען וואס די בעוועגונג פון איינעם גיט זיך איבער צום אנדערען דורך רייבונג.

fric'tion-gear'ing *n.* (פריק'-שאנ-גיער'-אינג) דאס איבערטראגען די בעוועגונג פון איין בעוועגליכען ראד צו א צווייטען דורך רייבונג; בעטריבס=רעדער וואס דרעהען איינער דעם אנדערען דורך רייבונג.

Friction-gearing

fric'tionless *a.* (פריק'-שאנ-לעס) וואס איז אהן רייבונג.

fric'tion-wheel *n.* (פריק'-שאנ-הוויעל) א פריקציאנס=ראד, א ראד וואס בעוועגט אן אנדערען אדער ווערט בעוועגט פון אן אנדערען דורך רייבונג.


Friction-wheels

Fri'day *n.* (פראי'-דיי) פרייטאג.

fried eggs (פראיד עגז) אקסען=אויגען [א פאן=קוכען אין וועלכען די געלכלעך קומען ארויס אין גאנצען, ניט צוקלאפט].

friend *n.* (פרענד) א פריינד, א פריינדין, א חבר, א חבר'טע; א געליעבטער, א געליעבטע.

Friend *n.* (פרענד) א קוואקער. ז. *Quaker*.

friend'less *a.* (פרענד'-לעס) פריינדלאז, הילפלאז, פערלאזען, עלענד.

friend'lessness *n.* (פרענד'-לעס-נעס) פריינדלאזינקייט, פערלאזענהייט, הילפלאזינקייט, עלענד.

friend'like *a.* (פרענד'-לאיק) פריינדליך, פריינדשאפטליך.

friend'lily *adv.* (פרענד'-לי-לי) פריינדליך, פריינדשאפטליך.

friend'liness *n.* (פרענד'-לי-נעס) פריינדליכקייט, פריינדשאפטליכקייט.

friend'ly *a. and adv.* (פרענד'-לי) פריינדליך, פריינדשאפטליך; גינסטיג; אויף א פריינדליכען אדער גינסטיגען אופן.

Friend'ly *a.* (פרענד'-לי) וואס איז שייך צו די קוואקערס. ז. *Quaker*.

friend'ly soci'ety (פרענד'-לי סא-סאי'-ע-טי) א פעראיין פאר געגענזייטיגער אונטערשטיצונג. ז. *benevolent society*.

friend of old (פרענד אוו אולד) אן אלטער פריינד.

friend'ship *n.* (פרענד'-שיפ) פריינדשאפט; פריינדליכקייט.

fri'er *n.* (פראי'-ער) איינער וואס בראט אדער פרעגעלט.

Friese *n. and a.* (פריעז) א פריעז, אן איינוואהנער פון פריעזלאנד [דער צפון=טייל פון האלאנד]; די פריזישע שפראך [פלאט=דייטש]; פריזיש, פריזלענדיש; וואס איז שייך צו פריזלאנד, צו די פריזען אדער צו דער פריזישער שפראך.

Frie'sian *n. and a.* (פריע'-זיען) ז. *Friese*.

Frie'sish *n. and a.* (פריע'-זיש) ז. *Friese*.

frieze *n., v. and a.* (פריעז) פריעז [אזא דיקער, פוכיגער, וואלענער שטאף]: אין ארכיטעקטור — דער טייל פון דעם באלקען-ווערק פון א געביידע אונטער דעם קארניז; מאכען א פריעז; געמאכט פון פריעז [וואלענשטאף]; מאכען שארסטקע, האריג, פוכיג אדער קרייזלדיג [ווי וואלענשטאף].

frie'zing-machine' *n.* (פריע'-זינג-מע-שין') א קרויז-מאשין פאר מוֹד.

frig'ate *n.* (פריג'-עט) א פרעגאט [אזא שיף]; א פרעגאטען-פויגעל. ז. *frigate-bird*

frig'ate-bird *n.* (פריג'-עט-בוירד) דער פרעגאטען-פויגעל [א ים-פויגעל, וועלכער האלט זיך אויף אין די ווארימערע געגענדען].

Frigate-bird

frig'ate-built *a.* (פריג'-עט-בילט) גע-בויט ווי א פרעגאט [אזא שיף].

frig'ate-pel'ican *n.* (פריג'-עט-פעל'-אי-קען) ז. *frigate-bird*

frigatoon' *n.* (פריג-ע-טוהן') א פריגא-טאן [אזא שיף אין אמאליגען ווענעדיג אדער ווענעציע].

frig'eratory *n.* (פרידזש'-ע-רע-טא-רי) א קיהל-פלאץ, אן אייז-שראנק; אן אייז-קעלער.

fright *n. and v.* (פראיט) שרעק, פורכט; א שרעקענס-בילד, א סטראשידלע; דער-שרעקען, אנווארפען א מורא.

She looks a fright.

frigh'ten *v.* (פראי'טן) דערשרעקען, אנ-ווארפען א מורא, אבשרעקען.

frigh'ten away' (פראי'טן ע-הוויי') אבשרעקען; פערטרייבען דורך אבשרע-קען.

frigh'ten out of wits (פראי'טן אוט אוו הוויטס) מאכען אויסער זיך פאר שרעק.

fright'ful *a.* (פראיט'-פול) שרעקליך, פורכטבאר; אבשטויסענד, עקלדיג; און-געהייער; אונערטרעגליך.

fright'fully *adv.* (פראיט'-פול-אי) אויף א שרעקליכען, פורכטבארען שטיי-גער; אויף אן עקלדיגען, אבשטויסענדען, אונגעהייערען אדער אונערטרעגליכען אופן.

fright'fulness *n.* (פראיט'-פול-נעס) שרעקליכקייט, פורכטבארקייט.

fright'less *a.* (פראיט'-לעס) פורכטלאז, אהן מורא.

frig'id *a.* (פרידזש'-איד) קאלט, פראסטיג; אהן לעבען, אהן בעגייסטערונג; אהן לע-בענס-היץ; קראפטלאז.

frigida'rium *n.* (פרידזש-אי-דיי'-רי-אם) א צימער צו נעהמען א קאלטע באד.

frigid'ity *n.* (פרי-דזשיד'-אי-טי) קעלט; פראסטיגקייט, קאלטקייט; קראפטלאזיג-קייט.

frig'idly *adv.* (פרידזש'-איד-לי) אויף א פראסטיגען, קאלטען, לעבענסלאזען אדער קראפטלאזען שטייגער.

frig'idness *n.* (פרידזש'-איד-נעס) ז. *frigidity*

frig'id zones (פרידזש'-איד זאונז) אין געאגראפיע — די קאלטע זאנען [די ערד-טיילען צווישען די פאלען און צווישען די פאלאר-קרייזען, וועלכע ליגען 23 ½ גרא-דען פון די פאלען].

frigorif'ic *a.* (פריג-א-ריפ'-איק) וואס גיט ארויס אדער פעראורזאכט קעלט.

frigorif'ical *a.* (פריג-א-ריפ'-אי-קעל) ז. *frigorific*

frigorif'ic mix'ture (פריג-א-ריפ'-איק מיקס'-טשור) ז. *freezing-mixture*

frijole' *n.* (פריע-האול') באב, בעבלעך [אין מעקסיקא].

frill *n. and v.* (פריל) א קרויז [ווי מען מאכט אויף העמדער, יאקען א. ד. ג.]; א ציטערניס פון קעלט; בעפוצען מיט א קרויז; מאכען א קרויז; ציטערען פון קעלט.

frill'ing *n.* (פריל'-אינג) קרויזען; גע-קרויזטעס.

fringe *n. and v.* (פרינדזש) א פראנג, א פראנז; א ראנד, א ברעג [פון ציינג]; בעפוצען מיט פראנזן.

fringe'let *n.* (פרינדזש'-לעט) א פרענ-זעל.

frin'gent *a.* (פרינ'-דזשענט) וואס קוקט אויס ווי א פראנז.

fringe'-tree *n.* (פרינדזש'-טריע) אזא קליינער, שעהן בוימעלע וואס האט פראנז-עהנליכע בלומען און וואקסט אין די מזרח געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. די בלומען פון דיזען בוי-מעלע ווערען אויך בענוצט אין מעדיצין.

fringilla'ceous *a.* (פרינ-דזשי-ליי'-שיאס) וואס געהערט אדער איז עהנליך צו דעם פינק [אזא פויגעלע].

frin'gy *a.* (פרינ'-דזשי) וואס איז עהנ-ליך צו א פראנז; בעפוצט מיט פרענזן.

frip'per *n.* (פריפ'-ער) א הענדלער פון אלטע קליידער.

frip'perer *n.* (פריפ'-ער-ער) ז. *fripper*

frip'pery *n. and a.* (פריפ'-ער-אי) אל-טע קליידער; אלטע ווערטהלאזע זאכען; דער האנדעל מיט אלטע קליידער; אן ארט וואו אלטע קליידער ווערען פערקויפט; אונבעדייטענד, נישטיג.

friseur' *n.* (פרי-זויר') א פריזער, א פא-ריק-מאכער, א בארביער, א צירולניק.

Fris'ian *n. and a.* (פריז'-יען) ז. *Friese*

frisk *v. and n.* (פריסק) ארום-שפרינגען, ארומטאנצען; א שפרונג, א טאנץ.

frisk away' (פריסק ע-הוויי') ארום-טאנצען און גארנישט טהאן.

fris'ker *n.* (פריס'-קער) א שפרינגער, אן ארומטאנצער; אן אונשטאנדהאפטיגער מענש; א שטיק גארנישט.

fris'ket *n.* (פריס'-קעט) א דינע איי-זערנע דרוקער-ראהם וואס האלט דאס פא-פיער ביים דרוקען מיט א האנד-דרוק-מא-שין.

frisk'ful *a.* (פריסק'-פול) לוסטיג, פרעהליך.

fris'kily *adv.* (פריס'-קי-לי) אויף א לוס-טיגען, לעבעדיגען אופן; לוסטיג, פרעהליך.

fris'kiness *n.* (פריס'-קי-נעס) לוסטיג-קייט, מונטערקייט, לעבעדיגקייט.

fris'king *a.* (פריס'-קינג) לוסטיג, לע-בעדיג.

fris'kingly *adv.* (פריס'-קינג-לי) אויף א לוסטיגען, לעבעדיגען אופן.

fris'ky *a.* (פריס'-קי) לוסטיג, לעבעדיג, פרעהליך; שטיפעריש.

frit *n.* (פריט) גלאז-מאסע, גלאז-שלאק [דער שטאף פון וועלכען גלאז ווערט גע-מאכט].

frith *n.* (פריטה) א שמאלער ים-אויסגוס; א מינדונג [דער ארט, וואו א טייך גיסט זיך אריין אין ים]; אזא נעץ צום כאפען פיש; זיכערהייט, רוהיגקייט.

frit'illary *n.* (פריט'-אי-ליי-רי) די קייזער-קרוין [אזא ליליען-עהנליכע פלאנ-צע].

frit'ter *n. and v.* (פריט'-ער) א שטיקע-לע, א ברעקעל; א קליינער פאנקוכען; צו-שטיקלען, צוברעקלען; צוהאקען פלייש אויף קליינע שטיקלעך.

frit'ter away' (פריט'-ער ע-הוויי') אויסברייזנגען אדער פערשווענדען ביסלעכ-ווייז.

frivol'ity *n.* (פרי-וואל'-אי-טי) קליינ-ליכקייט, נישטיגקייט, פוסטקייט.

friv'olous *a.* (פריוו'-א-לאס) קליינליך, פוסט; נישטיג, אונבעדייטענד.

friv'olously *adv.* (פריוו'-א-לאס-לי) אויף א קליינליכען אדער נישטיגען אופן.

friv'olousness *n.* (פריוו'-א-לאס-נעס) ז. *frivolity*

friz *v. and n.* (פריז) פריזירען, קרייז-לען; א האר-לאק, א האר-קרויזעל.

frizz *v. and n.* (פריז) ז. *friz*

friz'zle *v. and n.* (פריזל) פריזירען, קרייזלען; א האר-לאק, א האר-קרויז.

friz'zler *n.* (פריז'-לער) א פריזירער.

friz'zling *n.* (פריז'-לינג) דאס פריזי-רען, דאס קרויזען די האר.

friz'zling-i'ron *n.* (פריז'-לינג-אי'-ערן) א פריזיר-אייזען [אן אייזען צו פרי-זירען די האר].

frizz'ly *a.* (פריז'-לי) נעקרייזעלט, גע-לאקט.

friz'zy *a.* (פריז'-אי) ז. *frizzly*

fro *adv.* (פראו) פון; צוריק, ריקווערטס.

frock *n. and v.* (פראק) א קאפאטע; א גלח'שער אדער מאנאכען מאנטעל; אן ארבייטס-בלוזע; א פרויען-אויבער-קלייד; א קינדער-מאנטעלקע; א פראק; אנטהאן אין דעם מאנטעל פון א מאנאך; מאכען פאר א פריוועלעגירטען.

frock'-coat *n.* (פראק'-קאוט) א פראק; א טאליע-ראק, א סטאן-ראק [א פרינץ אלבערט].

Froebel'ian *a. and n.* (פרע-בעל'-אי-ען) וואס איז שייך צו די ערציהונגס-מע-טאדען פון דעם דייטשען פעדאגאג און פי-לאזאף פרידריך פרעבעל, דער גרינדער פון קינדער-גארטען-סיסטעם [געבארען אין יאהר 1782, געשטארבען אין 1852]; אן אנהענגער פון פרעבעל'ס קינדער-גארטען-סיסטעם.

frog *n. and v.* (פראג) א פראש, א זשאבע; די גאפעל-פערמיגע הארן-הויט פון דעם אונטערשטען טייל פון א פערד'ס קאפיטע; דער גאפעל-פערמיגער פונקט וואו צוויי פאר אייזענבאהן-רעלסען [שיי-נען] קומען זיך צונויף; פאזמאנטער בעי-זאץ, וואס ווערט געמאכט אויף מאנטלען אנשטאט קנעפ און לעכער [דער בעזאץ בעשטעהט פון שלייפלעך און לאנגע רונדע קנעפ]; כאפען פרעש.

frog'bit *n.* (פראג'-ביט) דער פראשבים [אזא וואסער-פלאנצע מיט רונדע בלע-טער און ווייסע בליהונגען].

frog'-ea'ter *n.* (פראג'־איט'־טער) א פראש־פרעסער [א שפאט־נאמען אין ענג־לאנד פאר א פראנצויז].

frog'fish *n.* (פראג'־פיש) דער ים־טייוועל [אזא פיש].

frog'-fish'ing *n.* (פראג'־פיש'־אינג) דאס כאפען פרעש מיט א ווענטקע.

frog'gery *n.* (פראג'־ער־אי) א פלאץ וואו מען האלט אדער וואו עס האלטען זיך פרעש.

frog'ging *n.* (פראג'־אינג) דאס פאנגען פרעש מיט א ווענטקע; דאס בעפוצען דעם פאדער־טייל פון א בגד מיט פאזמאנטער־בעזאץ [ווי אוניפארם־קליידער].

frog'gish *a.* (פראג'־איש) עהנליך צו א פראש.

frog'-grass *n.* (פראג'־גרעס) זאלצקרויט [אזא זאפטיגע פלאנצע, וואס וואקסט אויף בלאטיגע ערטער נאהנט פון ים].

frog'gy *a. and n.* (פראג'־אי) וואס איז פול מיט פרעש; עהנליך צו א פראש; א פרעשעל [אלס שפאט־נאמען פאר א פראנ־צויז].

frog'hopper *n.* (פראג'־האפ־ער) די פראש־פליעג [אזא פליעג וואס שפרינגט און איז עהנליך מיט איהר קאפ צו א פראש].

frog'ling *n.* (פראג'־לינג) א קליינער פראש, א פרעשעל.

frog'-spawn *n.* (פראג'־ספאהן) די אייע־לעך פון א פראש־פליעג; אזא זארט באק־טעריע וואס פערדארבט די סאכארין־לעזונ־גען ביי דער פאבריצירונג פון צוקער.

frog'-spit *n.* (פראג'־ספיט) אזא זארט וואסער־גראז; די אייעלעך פון א פראש־פליעג.

frog'-spit'tle *n.* (פראג'־ספיטל) ז. *frog-spit*.

frol'ic *a., n. and v.* (פראל'־איק) פרעה־ליך, לוסטיג, שטיפעדיג; לעבעדיגקייט, פרעהליכקייט, שטיפעריי, שפאס; שפיעלען זיך, שטיפען, שפאס טרייבען.

frol'icky *a.* (פראל'־איק־אי) פרעה־ליך, לוסטיג, שטיפעדיג, שפאס טרייבענד.
The children are in a frolicky mood.

frol'icsome *a.* (פראל'־איק־סאם) ז. *frolicky*.

frol'icsomely *adv.* (פראל'־איק־סאם־לי) אויף א לוסטיגען, שטיפעדיגען שטיי־גער.

frol'icsomeness *n.* (פראל'־איק־סאם־נעס) פרעהליכקייט, לוסטיגקייט, לעבעדיג־קייט.

from *prep. and adv.* (פראם) פון; אויס; ארויסגעהענד פון; אין נאמען פון; זינט, זייט; וועגען; דורך.

from above' (פראם ע־באוו') פון אויב־בען, פון העכער; פון גאט.

from abroad' (פראם ע־בראוד') פון אויסען, פון דער פרעמד.

from a child (פראם ע טשאילד) פון קינדהייט אן.

from among' (פראם ע־מאנג') פון, פון צווישען.
A leader was selected from among them.

from amongst' (פראם ע־מאנגסט) ז. *from among*.

from beyond' (פראם בי־יאנד') פון יענער זייט.

from hence (פראם הענס) פון היער, פון דאנען אן.

from high (פראם האי) פון דער הויך; פון הימעל.

from keel to sticks (פראם קיעל טו סטיקס) פון פארענט ביז הינטען; ארום און ארום.

from mem'ory (פראם מעמ'־א־רי) אויסוועניג, פון קאפ.

from of old (פראם אוו אולד) פון אמא־ליגע צייטען.

from on high (פראם אן האי) פון אויב־בען אראב.

from pil'lar to post (פראם פיל'־ער טו פאוסט) פון פייער אין וואסער.

from stern to stern (פראם סטוירן טו סטוירן) פון פאדערטייל ביז'ן הינטער־טייל, פון אנהויב ביז'ן סוף.

from the four winds (פראם טהי פאור ווינדז) פון אלע עקען וועלט.

from the jump (פראם טהי דזשאמפ) פון אנהויב אן.

from thence (פראם טהענס) פון דאר־טען.

frond *n.* (פראנד) א בלאט פון אזעלכע פלאנצען וואו דאס בלאט און דער שטאם שטעלען ניט פאר קיין צוויי בעזונדערע זאכען [ווי א פאפאראטניק א. ד. ג.].

Fronde *n.* (פראנד) [די פראנדע] די פארטיי פון די פראנצויזישע פעאדאלע אריסטאקראטען, וועלכע האבען אין מיטען פון 17טען יאהרהונדערט געמאכט א שוואכען ניט געלונגענעם אויפשטאנד געגען דער וואקסענדער מאכט פון דער דאמאלס־דיגער אבסאלוטער מאנארכיע].

frondesce' *v.* (פראנ־דעס') זיך פאנאנ־דערלאזען [וועגען בלעטער].

frondes'cence *n.* (פראנ־דעס'־ענס) די צייט ווען בוימער בעדעקען זיך מיט בלע־טער.

frondif'erous *a.* (פראנ־דיפ'־ע־ראס) וואס גיט ארויס גרויסע בלעטער.

fron'dose *a.* (פראנ'־דאוס) וואס האט די פארם פון בלעטער.

fron'dous *a.* (פראנ'־דאס) ז. *frondose*.

frons *n.* (פראנז) דער שטערן [ביי מענ־שען אדער חיות].

front *n., a. and v.* (פראנט) דער שטערן; דאס געזיכט; דאס פנים; דער פראנט, א פאדערזייט; דער פארענט פון עפעס; אין א טעאטער — דער טייל, וועלכער איז נעהנטער צו דער סצענע; א מין פרויען־טשעפעק אדער האר־באנד וואס בעדעקט נור דעם פאדערשטען טייל פון קאפ; די מאנישקע פון א העמד; דער פאדערשטער פרכת אויף דעם אלטאר אין א קירך; וואס איז שייך צום פראנט אדער צום פא־דערשטען טייל; וואס געפינט זיך פון פא־רענט; בעגעגענען זיך; טרעפען זיך פנים אל פנים; זיין ענטגעגען; שטעלען זיך דערווידער; מאכען א פראנט; בעציערען. דעם פאדערטייל; שטעהן מיט'ן פנים צו עפעס.

fron'tage *n.* (פראנ'־טעדזש) די פאסאדע [א פאדערזייט פון א געביידע].

fron'tal *a. and n.* (פראנ'־טעל) וואס געהערט צום שטערן אדער צו דער פאדער־זייט; א שטערן־בינדע אדער האר־באנד; א פאדער־שטיק איבער א פענסטער אדער א טהיר [אין ארכיטעקטור]; א מין פרכת וואס הענגט אראב פון פארענט איבער דעם אלטאר אין א קירך.

fron'tal ar'tery (פראנ'־טעל אר'־טער־אי) די ארטעריע אדער שלאג־אדער ארום אויג, וועלכער צווייגט זיך פאנאנדער איבער'ן שטערן.
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

fron'tal bone (פראנ'־טעל באון) דער שטערן־ביין; דער פאדערשטער טייל פון שארבען.

front bench (פראנט בענטש) אין ענג־לישען פארלאמענט — די פיהרער פון א פארטיי [די פיהרער פון דער קאנזערוואַ־טיווער און ליבעראלער פארטייי זיצען דארטען אויף די פאדערשטע בייניק].

front box (פראנט באקס) די פאדערשטע לאזשע אין א טעאטער.

front door (פראנט דאור) די פא־דערשטע טהיר, דער הויפט אריינגאנג אין א געביידע.

fron'ted *a.* (פראנ'־טעד) מיט א שטערן; מיט א פאסאדע [פאדער־זייט אין א גע־ביידע].

front face (פראנט פייס) דער טייל פון אן ארמעע אדער לאגער וואס איז אויס־געשטעלט דירעקט געגען שונא.

fron'tier *n. and a.* (פראנ'־טיער) א גרענעץ; די געגענד וואס ליעגט ביים גרענעץ פון א לאנד; וואס געהערט צו א גרענעץ; גרענעצענד.

fron'tier town (פראנ'־טיער טאון) א גרענעץ־שטאדט, א שטאדט ביי א גרענעץ.

fron'tingly *adv.* (פראנ'־טינג־לי) גרא־דע געגענאיבער.

fron'tispiece *n.* (פראנ'־טיס־פיס) א פאסאדע [פאדער־זייט פון א געביידע]; דער שער־בלאט; א בילד פאר'ן שער־בלאט.

front'let *n.* (פראנט'־לעט) א שטערן־באנד; תפלין.

front line (פראנט לאין) די ערשטע צייל [פון סאלדאטען], דער פראנט.

front name (פראנט ניים) דער ערשטער נאמען, דער פארנאמען.

front of a wave (פראנט אוו ע וועיוו) אין פיזיק — א ליניע אדער פלעכע וואס שליסט איין אלע טיילכלעך פון א וועלע [ווי פון ליכט, עלעקטריציטעט א. ד. ג.]. פון דערזעלבער פאזע אין א בעשטימטען מאמענט.

front par'lor (פראנט פאר'־לאר) די פאדערשטוב, דער זאל.

front rank (פראנט רענק) די פאדערשטע רייה [פון מיליטער].

front room (פראנט רוהם) דער זאל.

front to front (פראנט טו פראנט) פנים אל פנים.

front tooth (פראנט טוהטה) דער פא־דערשטער צאהן, דער שנייד־צאהן.

frost *n. and v.* (פראסט) א פראסט; פערפרארענער טהוי; פערפרארענקייט; פראסטיגקייט; בעדעקען מיט פערפרארע־נעם טהוי אדער ווי מיט פערפרארענעם טהוי; פערשארפען א פערד'ס פאדקאוועס [צו פערלייכטערען דעם גאנג אויף אייז]; פרירען; אויסזעהן ווי בעדעקט מיט פער־פרארענעם טהוי [ווי למשל, גלאז].

frost'-bite *v. and n.* (פראסט'־באיט) דורכפרירען; אבפרירען [א קערפער־גליעד]; דאס אבפרירען.

frost'-bit'ten *a.* (פראסט'־ביטן) אבגע־פרארען, דורכגעפרארען.

frost'-bound *a.* (פראסט'־באונד) צוזא־מענגעפרארען.

fros'ted *a.* (פראס'־טעד) בעדעקט ווי מיט פערפרארענעם טהוי [שארסטקע, גלאנציג־גרוי אדער ווייס, מיט גלאנציג־גרויע אדער ווייסע פלעקען, פעדערען, שופען א. ד. ג.].

fros'ted glass (פראס'־טעד גלעס) אייז־גלאז [מאט גלאז, שארסטקע גלאז, וואס זעהט אויס ווי בעצויגען מיט פראסט־טהוי].

fros'ted sil'ver (פראָס'-טעד סיל'-ווער) אייז-זילבער [מאַט, שאַרסטקע זילבער, וואָס זעהט אויס ווי בעצויגען מיט פראָסט-טהוי].

fros'ted work (פראָס'-טעד הוואירק) אין ארכיטעקטור — בעציערונגען וואָס זעהען אויס ווי זיי וואָלטען געווען בע-דעקט מיט פראָסט-טהוי.

frost'fish *n.* (פראָסט'-פיש) דער פראָסט-פיש.

frost'-flow'er *n.* (פראָסט'-פלאַו'-ער) א פראָסט-בלום [אויף די שויבען].

fros'tily *adv.* (פראָס'-טי-לי) אויף א פראָסטיגען שטייגער; מיט פראָסטיגקייט; קאַלט.

fros'tiness *n.* (פראָס'-טי-נעס) פראָס-טיגקייט, קעלט; פערפראָרענהייט; קאַלט-קייט; דאָס זיין עהנליך צו פערפראָרע-נעם טהוי.

fros'ting *n.* (פראָס'-טינג) צוקער-גלאַ-זור [ווי עס ווערט געמאַכט אויף געבעקס, פון צוקער און אייער]; מאַטע גלאַזור [אויף מעטאַלען]; אזא שטאָף געמאַכט פון גלאַז-שטויב [ווערט געברויכט פאַר פערציערונגען].

frost'less *a.* (פראָסט'-לעס) אהן פרעסט, ניט קאַלט.

frost'-mist *n.* (פראָסט'-מיסט) דער פראָסט-נעבעל [דער נעבעל פון פערפראָ-רענעם טהוי].

frost'-nail *n.* (פראָסט'-נייל) א פראָסט-נאָגעל [א טשוואָק אין דער פאָדקאָווע פון א פערד איהם צו פערהיטען פון אויסגלי-טשען זיך].

frost'-nailed *a.* (פראָסט'-נייל) גע-שיצט דורך פראָסט-נעגעל [ווענען פערד]. ז. ***frost-nail***

frost'-nipped *a.* (פראָסט'-ניפּט) ז. ***frost-bitten***

frost'-numbed *a.* (פראָסט'-נאַמד) פער-שטאַרט, פערגליווערט פון קעלט.

frost'-smoke *n.* (פראָסט'-סמאָוק) ז. ***frost-mist***

frost'-valve *n.* (פראָסט'-וועלוו) א פאָרריכטונג צו פערהיטען, אז דאָס וואַ-סער זאָל ניט פערפראָרען ווערען אין וואַ-סער-רעהרען.

frost'work *n.* (פראָסט'-הוואירק) פראָסט-בלומען [אויף פענסטער, פלאַנצען א. ז. וו.].

fros'ty *a.* (פראָס'-טי) פראָסטיג, אייז-קאַלט; קאַלט; וואָס זעהט אויס ווי פראָסט-טהוי.

froth *n.* and *v.* (פראָטה) [פיענע]; שוים עטוואָס וואָס איז לייכט, פוסט, ניט וויכ-טיג ווי שוים; שוימען; ארויסגעבען שוים, ארויסברייינגען שוים, בעדעקען מיט שוים.

froth'ily *adv.* (פראָטה'-אי-לי) מיט שוים; אויף א שוימענדען שטייגער; ניט וויכטיג, פוסט, לייכט [ווענען רייד].

froth'iness *n.* (פראָטה'-אי-נעס) שוי-מינקייט; פוסטקייט, ניט וויכטיגקייט, לייכטקייט [אין ריידען].

froth'ing *n.* (פראָטה'-אינג) דאָס שוי-מען; שוימינקייט; ניט וויכטינקייט, פוסט-קייט, לייכטקייט [אין ריידען].

froth'y *a.* (פראָטה'-אי) שוימיג; פוסט, ניט וויכטיג, לייכט [אין ריידען].

frounce *n.* (פראַונס) א מין קראַנקהייט ביי א פאַלק אדער סאָקאָל, ביי וועלכער וויסע שפּייעכץ קלייבט זיך אן ארום שנאָ-בעל; א קראַנקהייט ביי א פערד, ביי וועל-כער פרישטשעס זעצען זיך אויס אויף'ן גומען.

frou'zy *a.* (פראַו'-זי) ז. ***frowzy***

frow *n.* (פראַו) א דאַמע, א פערהייראַטע פרוי; א מין קאַרטאָ-פעל-מעהל, וואָס מען מישט אריין אין טייג, כדי דאָס ברויט זאָל האָבען א בעסע-רען אויסזעהן [ווערט בענוצט ביי די לאַנ-דאָנער בעקערס]; א שפּאַלטמעסער, א קליין [א געציינג צו שפּאַל-טען ברעטער א. ד. ג.].



Frow

fro'ward *a.* (פראָו'-הוואַרד) פערדריס-ליך; בייז; ווידערשפּענסטיג; אונגעהאָרכ-זאַם.

fro'wardly *adv.* (פראָו'-הוואַרד-לי) מיט פערדרוס; דורך אונגעהאָרכזאַמקייט.

fro'wardness *n.* (פראָו'-הוואַרד-נעס) פערדריסליכקייט, בייזקייט; ווידערשפּענס-טיגקייט, אונגעהאָרכזאַמקייט.

frow'er *n.* (פראַו'-ער) א שפּאַלט-מעסער, א קליין. ז. ***frow***

frown *v.* and *n.* (פראַון) כמורען דאָס פּנים; קנייטשען דעם שטערן; קוקען אויף עמעצען מיט אונצופריעדענהייט; אבשטוי-סען מיט א בייזען בליק; אן אָנגעכמורעט פּנים; קנייטשען אויף'ן שטערן וואָס דריי-קען אויס אונצופריעדענהייט; א פינסטע-רער בליק.

frown down (פראַון דאַון) אבשטויסען מיט אונצופריעדענהייט.

His parents frowned down his plans of adventure.

frow'ner *n.* (פראַו'-נער) איינער וואָס קוקט מיט א בייזען אונצופריעדענעם בליק; דער וואָס שטויסט אב מיט א מינע פון אונצופריעדענהייט אדער בייזקייט.

frow'ning *n.* (פראַו'-נינג) א מינע פון אונצופריעדענהייט אדער בייזקייט.

frow'ningly *adv.* (פראַו'-נינג-לי) אב-שטויסענדיג מיט א מינע פון אונצופריע-דענהייט אדער בייזקייט.

frown in'to si'lence (פראַון אינ'-טו סאַי'-לענס) מאַכען איינעם שווייגען דורך א אבשטויסונג מיט א מינע פון אונצו-פריעדענהייט אדער בייזקייט.

frowns of for'tune (פראַונז אָוו פאָר'-טשון) די סטירדעס פון שיקזאַל.

frow'zy *a.* (פראַו'-זי) פער-שמוציג, פאַטשקעט, פּאַסקודנע; ניט ריין, ניט פער-קאַמט.

froze (פראָוז) ז. ***freeze*** פערפראָרען.

fro'zen *a.* (פראָוזן) פער-פראָרען; פער-גליווערט פון קעלט; איינגעפראָרען אדער בעדעקט מיט אייז; קאַלט, פראָסטיג, אייז-קאַלט; קאַלט אין די בענעהמונגען; מיט א קאַלטען טעמפּעראַמענט.

fro'zenness *n.* (פראָו'-זנ-נעס) דאָס זיין געפראָרען; געפראָרענקייט.

fro'zen o'cean (פראָוזן אָו'-שען) דער אייז-ים, דער ים הקרח.

fro'zen o'ver (פראָוזן אָו'-ווער) איבער-געפראָרען.

fro'zen sea (פראָוזן סיע) ז. ***frozen ocean***

fructes'cence *n.* (פראַק-טעס'-ענס) די פרוכטונג; די צייט ווען פרות ווערען רייף.

fructic'ulose *a.* (פראַק-טיק'-יו-לאָוס) אין באָטאַניק — וואָס גיט פיעל פרוכט; בעלאַדען מיט פרוכט.

fructif'erous *a.* (פראַק-טיפ'-ע-ראָס) פרוכט-טראָגענד; אויף וועלכען עס וואַקסט פרוכט.

fructifica'tion *n.* (פראַק-טי-פי-קיי'-שאַן) בעפרוכטונג; פרוכטבאַרקייט.

fruc'tificative *a.* (פראַק'-טי-פי-קע-טיוו) וואָס קען זיך בעפרוכטען.

fruc'tiform *a.* (פראַק'-טי-פאָרם) וואָס איז עהנליך צו פרוכט.

fruc'tify *v.* (פראַק'-טי-פאַי) בעפרוכ-טען, פרוכטבאַר מאַכען; ווערען פרוכט-באַר; טראָגען פרוכט, ברייינגען נוצען.

fruc'tuary *n.* (פראַק'-טשו-ע-רי) איי-נער וואָס בעקומט די פרוכט אדער דעם ריוח פון עפּעס.

fru'gal *a.* (פרו'-גאַל) מעסיג, שפּאָרזאַם, עקאָנאָמיש; אָרים, קוים גענוג.

The laborer enjoyed his frugal meal.

frugal'ity *n.* (פרו-גאַל'-אי-טי) מע-סיגקייט, שפּאָרזאַמקייט; עקאָנאָמיע.

fru'gally *adv.* (פרו'-גאַל-אי) אויף א מעסיגען אדער שפּאָרזאַמען שטייגער.

fru'galness *n.* (פרו'-גאַל-נעס) ז. ***frugality***

frugiv'orous *a.* (פרו-דזשיוו'-א-ראָס) וואָס ערנעהרט זיך מיט פרוכטען.

fruit *n.* and *v.* (פרוהט) פרוכט, א פּרי, אויבס; דער פּראָדוקט פון א לעבעדיגער בעשעפעניש; א קינד; א פּראָדוקט, אן אויסגעאַרבייטע זאַך; טראָגען פרוכט, ברייינגען פּרות.

frui'tage *n.* (פרוה'-טעדזש) פרוכ-טען; אויבס, פרוכ-טען; דאָס טראָגען אדער ארויסגעבען פרוכט; אויסגעמאָלטע אדער אויסגעשניצ-טע פרוכטען.

fruit'-bas'ket *n.* (פרוהט'-בעס'-קעט) א פרוכט-קאָרב.

fruit'-bat *n.* (פרוהט'-בעט) א פלעדער-מויז וואָס ערנעהרט זיך מיט פרוכטען; דער פליהענדער פוקס.



Fruit-bat

fruit'-bear'er *n.* (פרוהט'-בעהר'-ער) א פרוכטבוים; דאָס וואָס גיט אָרויס פרוכט.

fruit'-bear'ing *a.* (פרוהט'-בעהר'-אינג) וואָס טראָגט אדער גיט פרוכט.

fruit'-bud *n.* (פרוהט'-באַד) דער קנאָספּ אדער בוטאָן פון א בלום, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפּעטער די פרוכט.

frui'terer *n.* (פרוה'-טער-ער) א פרוכט-הענדלער.

frui'teress *n.* (פרוה'-טער-עס) א פרוי וואָס האַנדעלט מיט פרוכט.

fruit'ful *a.* (פרוהט'-פול) פרוכטבאַר; וואָס טראָגט פרוכט; וואָס ברייינגט א גו-טען רעזולטאַט.

fruit'fully *adv.* (פרוהט'-פול-אי) מיט פיעל פרוכט; מיט א גוטען רעזולטאַט.

fruit'fulness *n.* (פרוהט'-פול-נעס) פרוכטבאַרקייט; דאָס זיין פול מיט פרוכט; דאָס ברייינגען א גוטען רעזולטאַט.

fruit'-gar'den *n.* (פרוהט'-גאַר'-דן) א פרוכט-גאָרטען, א סאַד.


Northern Spy Apple
Ingram Apple
Rhode Islan
Winesap Apple
Randolph Apple
Cardi
Carman Peach
Great Cat's Head Pear
Ph
Brittlewood Plum
Sugar Prune
Hiley Peach
Red J

קולטיווירטע פרוכט



fruit'-gath'erer *n.* (פרוהט'-געטה'-ער) א פרוכט=קלייבער; א געצייג, מיט וועלכען מען קלייבט פרוכט פון די ביימער.

fruit'ing *a.* (פרוהט'-אינג) וואס גיט ארויס פרוכטען.

frui'tion *n.* (פרוה'-איש-אן) דאס ברייגען פרוכט; דאס געבען גוטע רעזולטאטען; די ערפילונג פון עפעס; דאס רעאליזירען אדער פערווירקליכען א זאך.

fruit'less *a.* (פרוהט'-לעס) אונפרוכטבאר; וואס ברייגגט ניט קיין גוטע רעזולטאטען; נוצלאז, אונניציג.

fruit'less er'rand (פרוהט'-לעס ער'-ענד) דאס נאכיאגען זיך נאך א חלום; אן אומזיסטער גאנג.

fruit'lessly *adv.* (פרוהט'-לעס-לי) אויף אן אונניציגער ארט; מיט פרוכטלאזע רעזולטאטען.

fruit'lessness *n.* (פרוהט'-לעס-נעס) אונפרוכטבארקייט; אוננוציגקייט.

fruit'-loft *n.* (פרוהט'-לאפט) אן אויבס=קאמער, א פרוכט=שפייכלער.

fruit'-mar'ket *n.* (פרוהט'-מאר'-קעט) א פרוכט=מארק.

fruit'-pie *n.* (פרוהט'-פאי) א פרוכט=קוכען.

fruit'-pig'eon *n.* (פרוהט'-פידזש'-אן) די פרוכט=טויב [איינע פון די מינים טויבען אין אינדיען, אויסטראליען און אויף די פאסיפישע אינזלען, וועלכע נעהרען זיך מיט ביימער=פרוכט און צייכנען זיך אויס מיט זייערע שעהנע קאלירען].

fruit'-sell'er *n.* (פרוהט'-סעל'-ער) א פרוכט=הענדלער.

fruit'-shop *n.* (פרוהט'-שאפ) א פרוכט=האנדלונג.

fruit'-show *n.* (פרוהט'-שאו) א פרוכט=אויסשטעלונג.

fruit'-stones *n.* (פרוהט'-סטאונז) פרוכטקערנער; ביינדלעך פון פרוכט.

fruit'-sug'ar *n.* (פרוהט'-שוג'-אר) א מין צוקער וואס ווערט געמאכט פון פרוכט.

fruit'-trade *n.* (פרוהט'-טרייד) דער אויבס=האנדעל.

fruit'-tree *n.* (פרוהט'-טריע) א פרוכט=בוים.

fruit'-tren'cher *n.* (פרוהט'-טרענ'-טשער) א קליינע הילצערנע טאץ, אויף וועלכער מען דערלאנגט צום טיש פרוכט.

frump *v. and n.* (פראמפ) אויסטראכטען א מעשה, דערציהלען א ליגען; א שלומפער; א פרוי, וועלכע איז נעשמאקלאז געקליידעט; אן ארורה.

frum'pish *a.* (פראמ'-פיש) בייז; וואס בעציהט זיך מיט האס אדער פעראכטונג; אלטמאדיש געקליידעט; פערשלומפערט.

frum'py *a.* (פראמ'-פי) ז. *frumpish*

frus'trate *v. and a.* (פראס'-טרייט) צו נישט מאכען; פערניכטען; ענטטוישען; אומזיסט; ניכטיג, פערגענגליך.

frustra'tion *n.* (פראס-טריי'-שאן) ניכטיגקייט; דאס ניט=געלינגען; ענטוישונג [אין האפנונג].

frus'trative *a.* (פראס'-טרע-טיוו) וואס פיהרט צו קיינע רעזולטאטען; ענטטוישענד.

frus'tum *n.* (פראס'-טאם) א שטיק; אן איבערגעבליבען שטיק; אין געאמעטריע — דער אונטערשטער טייל פון א קערפער, ביי וועלכען דער אויבערשטער טייל איז גראד אבגעשניטען [ווי א קאנוס, פיראמידע א. ד. ג., ביי וועלכער דער שפיץ איז אבגעשניטען].

frus'tum of a cone (פראס'-טאם אוו ע קאון) א שטומפיגער קאנוס [א קאנוס, ביי וועלכען דער אויבערשטער טייל איז גראד אבגעשניטען].

Frustum of a cone

frutes'cent *a.* (פרו-טעס'-ענט) שטרויך=ארטיג [ווי א קוסט].

fru'tex *n.* (פרו'-טעקס) א שטרויך, א קוסט.

fru'ticose *a.* (פרו'-טי-קאוס) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א שטרויך [קוסט].

fru'ticous *a.* (פרו'-טי-קאס) ז. *fruticose*

frutic'ulose *a.* (פרו-טיק'-יו-לאוס) עהנליך צו א קליינעם שטרויך [קוסט].

fry *v. and n.* (פראי) בראטען, פרעגלען; זיך בראטען, זיך פרעגלען; אויפרעגען, אויפרייצען; געבראטענס, געפרעגעלטס; אויפרעגונג, אויפרייצונג; א מחנה, א מענגע [הויפטזעכליך וועגען פיש]; א הויפען [פון קליינע זאכען, הויפטזעכליך פון קליינע פישעלעך].

fry'er *n.* (פראי'-ער) איינער אדער עטוואס וואס בראט אדער פרעגעלט; עטוואס וואס מען קען בראטען אדער פרעגלען [וועגען שפייז].

fry'ing *n.* (פראי'-אינג) דאס פרעגלען, דאס בראטען.

fry'ing-pan *n.* (פראי'-אינג-פען) א בראט=פאן, א סקאווראדע.

He fell from the **frying-pan** into the fire.

fry in one's own grease (פראי אין וואנז און גריעס) זיך פרעגלען אין דער איינענער שמאלץ; ליידען צוליעב דער איינענער שולד; זיך באדען אין שוויים, אבגעהן מיט שוויים.

ft. *feet* אדער *foot* אן אבקירצונג פון [פאר דער בעצייכנונג פון א פוס אלס לענגען=מאס].

fub *v.* (פאב) אבנארען, אבשווינדלען, אוועק'לקח'נען.

fub'by *a.* (פאב'-אי) מיט דיקע באקען, דיק.

fub'sy *a.* (פאב'-זי) ז. *fubby*

fuch'sia *n.* (פוק'-סי-א) דער פוקס [אזא גארטען אדער הויז=פלאנצע מיט זעהר שעהנע בלומען].

Fuchsia

fuciph'agous *a.* (פיו-סיפ'-ע-גאס) ז. *fucivorous*

fuciv'orous *a.* (פיו-סיוו'-א-ראס) וואס שפייזט זיך מיט ים=גראזען [וועגען געוויסע ים=חיות].

fu'coid *a. and n.* (פיו'-קאיד) וואס איז שייך אדער עהנליך צו ים=גראזען; א מין ים=גראז.

fu'cus *n.* (פיו'-קאס) א מין ים=גראז.

fud'dle *v.* (פאדל) בערוישען [דורך שכרות]; פער'שכור'ען; טרינקען צופיעל, טרינקען ביז פאלשטענדיגער בערוישונג.

fud'dler *n.* (פאד'-לער) א שכור.

fudge *v.* (פאדזש) אבנארען, פעלשען; מאכען עפעס אומגעלומפערט; פושען, פארטאטשעווען.

fudge'-wheel *n.* (פאדזש'-הוויעל) אן אינסטרומענט מיט דער הילף פון וועלכען מען בעפוצט די ראנדען פון די שיך=זוילען.

fu'el *n.* (פיו'-על) הייץ=מאטעריאל, ברען=מאטעריאל.

fu'el-econ'omizer *n.* (פיו'-על-אי-קאנ'-א-מאי-זער) א פאררעכטונג אין א דאמפף=מאשין צו שפארען הייץ=מאטעריאל [דורך דעם וואס דער אויסגענוצטער דאמפף ווערט אריינגעפיהרט אין רעהרען צו דערווארימען דאס וואסער וואס דארף פערוואנדעלט ווערען אין דאמפף].

fu'el-fee'der *n.* (פיו'-על-פיע'-דער) א פאררעכטונג אויטאמאטיש און רעגעלמעסיג צו בעזארגען אן אויווען מיט הייץ=מאטעריאל.

fu'el-gas *n.* (פיו'-על-געס) הייץ=גאז, גאז וואס ווערט געברויכט צום הייצען.

fuff *n.* (פאף) אן אויסברוך, אן אויסברוך פון ליידענשאפט.

fuff'y *a.* (פאפ'-אי) לייכט; שוואמיג.

fuga'cious *a.* (פיו-גיי'-שאס) פליכטיג, אונבעשטענדיג, פערגענגליך; וואס וועפט זיך אויס, בלאקירט אב אדער פאלט אב זעהר פריה [וועגען קערפער=טיילען ביי חיות און וועגען טיילען פון פלאנצען].

fuga'ciousness *n.* (פיו-גיי'-שאס-נעס) ז. *fugacity*

fugac'ity *n.* (פיו-געס'-אי-טי) פליכטיגקייט, פערגענגליכקייט, אונבעשטענדיגקייט. ז. *fugacious*

fu'gal *a.* (פיו'-געל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פוגע [אין מוזיק]. ז. *fugue*

fuga'to *n.* (פו-גא'-טא) א מוזיק=שטיק פערפאסט אין א סטיל וואס איז עטוואס עהנליך צו א פוגע. ז. *fugue*

fugh *int.* (פיו) פוי! טפו!

fughet'to *n.* (פו-געט'-טא) א קורצע פוגע. ז. *fugue*

fu'gile *n.* (פיו'-דזשיל) אויער=וואקס; א געשווילעכץ [הויפטזעכליך ביים אויער]; א מוטנער שטאף אין אורין [השתנה].

fu'gitive *a. and n.* (פיו'-דזשי-טיוו) פליהענד; ניט דויערהאפט, פליכטיג, פערגענגליך; צופעליג, וואס האט א צייטווייליגען אינטערעס אדער ווערטה [וועגען ליטערארישע ווערק]; אין זאאלאגיע און באטאניק — וואס פערשווינדט אדער פאלט אראב זעהר פריה; א פליכטלינג, אן אנטלאפענער, א דעזערטיר; עטוואס וואס עס איז שווער צו כאפען אדער צו פערהאלטען.

fu'gitive col'ors (פיו'-דזשי-טיוו קאל'-ארז) אבבלאקירענדע פארבען.

fu'gitively *adv.* (פיו'-דזשי-טיוו-לי) אויף א פליכטיגען, פערענדערליכען, צייט-

ווײלינען אדער שווינדענדען אופן; ווי אז אנטלאָפענער.

fu'gitiveness *n.* (פיו'-דזשי-טיוו-נעס) דאָס אנטלויפען, דאָס שווינדען; פליכטיג־קײט, פערגענגליכקײט, צײטװײלינקײט.

fu'gitive-slave laws (פיו'-דזשי-טיוו-סלייוו לאָהז) אין די פעראייניגטע שטאַ־טען פון אמעריקא — די געזעצע [פון 1793 און 1850], לויט וועלכע א פרייער שטאַאט האט געמוזט ארויסגעבען אנטלאָ־פענע נענער־שקלאַפען צו די שקלאַפען־האלטערישע שטאַאטען.

fu'gitivism *n.* (פיו'-דזשי-טיוו-איזם) דאָס זיין אַ אַנטלאָפענער.

fu'gleman *n.* (פיו'גל-מען) א פליגעל־מאַן [א גוט אויסגעלערענטער סאָלדאַט, וועלכער שטעהט אין פראָנט פון זיין ראָ־טע און דיענט אלס מוסטער פאַר די אַנ־דערע סאָלדאַטען]; אַן אַנפיהרער פון א בעוועגונג; א רעדעל־פיהרער.

fugue *n.* (פיוג), א פוגע — אין מוזיק — א מוזיקאַליש שטיק וואָס ווערט איבערגע־זונגען פון עטליכע שטימען איינע נאָך די אנדערע.

fu'guist *n.* (פיו'-גיסט) א פערפאַסער פון פוגען. ז. *fugue*.

ful'crate *a.* (פאַל'-קרייט) געשטיצט, אונ־טערגעשפאַרט.

ful'crum *n.* and *v.* (פאַל'-קראַם) א שפאַרע, אַן אונטערשפאַרונג, אונטערשטי־צונג אדער אונטערהאַלטונג; אין מעכאַ־ניק — דער שטיץ־פונקט פון א הייבעל אדער ריטשאַג; אונטערשטעלען א שפאַ־רע אדער אַן אונטערשטיצונג.

Fulcrum

fulfil' *v.* (פול-פיל') ערפילען; אויספיה־רען עפּעס; דערפיהרען ביז'ן סוף, פער־ענדיגען.

fulfill' *v.* (פול-פיל') ז. *fulfil*.

fulfil'ler *n.* (פול-פיל'-ער) איינער וואָס ערפילט.

fulfil'ling *n.* (פול-פיל'-אינג) די ערפי־לונג; דאָס ברייגען צו אַן ענד.

fulfil'ment *n.* (פול-פיל'-מענט) די אויספיהרונג; דאָס דערפיהרען עפּעס ביז'ן סוף.

ful'gency *n.* (פאַל'-דזשענ-סי) א גלאַנץ, א בליאַסק.

ful'gent *a.* (פאַל'-דזשענט) גלענצענד, בלישטשענד, בלאַנקענד, שיינענד.

ful'gently *adv.* (פאַל'-דזשענט-לי) אויף א שיינענדען, בלישטשענדען אופן.

ful'gid *a.* (פאַל'-דזשיד) בלישטשענד, גלענצענד, שיינענד; מיט א ברוין־רויטלי־כען קאָליר.

ful'gurate *v.* (פאַל'-גיו-רייט) גלענצען, אויפבליצען.

fulgura'tion *n.* (פאַל-גיו-ריי'-שאַן) דאָס בלישטשען, דער בלאַנק אדער גלאַנץ ווי פון געשמאָלצענעם גאָלד אדער זילבער.

ful'gurite *n.* (פאַל'-גיו-ראַיט) א לאָך אדער רעהר וואָס ווערט געמאַכט אין זאַמד אדער אין שטיין דורך א בליץ.

fuliginos'ity *n.* (פיו-לידזש-אי-נאָס'-אי-טי) די אַנקלייבונג פון סאַזשע אדער רוס; דאָס בעדעקען זיך מיט סאַזשע; א פעררויכערטע זאַך; סאַזשע.

fulig'inous *a.* (פיו-לידזש'-אי-נאַס) וואָס איז שייך צו סאַזשע אדער רוס; וואָס האָט א קאָליר פון סאַזשע; וואָס איז שייך אדער וואָס איז ענהליך צו רויך; פער־רויכערט.

fulig'inously *adv.* (פיו-לידזש'-אי-נאַס-לי) אזוי ווי בעדעקט מיט סאַזשע אדער רוס.

full *a., adv., n.* and *v.* (פול) פול, אָנגע־פילט; זאַט, געניגענד; אָנגעזעטיגט; פע־ליג; פאָלשטענדיג, פאָלקאָמען; ווייט, גרויס, דיק; אויספיהרליך, פּינקטליך, גע־נוי; גאַנץ, גענצליך; זעהר; דאָס זיין פול אדער פאָלשטענדיג; די ערפילונג; פול־קייט; זעטיגקייט; דאָס גאַנצע; דער העכ־סטער גראַד; אין נעהען — פאַלדעווען אדער קרייזען דאָס טוך ביים זוימען; מאַ־כען פעלדעליך; וואַלגען וואַלענעם שטאָף אין א וואַלק־מאַשין.

full'-a'corned *a.* (פול'-איי'-קאָרנד) אָבגעקאָרמעט מיט אייכלען אדער חזיר'שע ניס.

full'age *n.* (פול'-עדזש) דאָס געלד וואָס מען בעצאָהלט פאַר וואַלגען וואַלען־שטאָף.

full and by (פול ענד באַי) אויף אַלע זעגלען און דירעקט מיט'ן ווינד [ווענען א שיף].

full'-armed *a.* (פול'-אַרמד) מיט פולער בעוואָפנונג.

full'-bin'ding *n.* (פול'-באַינ'-דינג) אין בוכבינדעריי — א פולער בונד [ווען די טאָוולען און רוקען פון בוך זיינען בע־צויגען מיט איין לעדער אדער פאַרמעט].

full'-blood *n.* (פול'-בלאַד) א מענש פון ריינעם בלוט [ווען ער שטאַמט ניט ארויס פון געמישטע ראַסען]; בלוט־פער־וואַנדשאַפט. [לייבליכע ברידער, שוועס־טער, קוזינען א. ד. ג.]; חיות פון ריי־נעם בלוט [פון ניט געמישטע מינים].

full'-blood'ed *a.* (פול'-בלאַד'-עד) פול־בלוטיג, וואָס האָט אין זיך פיעל בלוט; פון ריינעם בלוט, וואָס שטאַמט ניט ארויס פון געמישטע ראַסען אדער מינים.

full'-blown *a.* (פול'-בלאָון) אין פולער בליהונג, אין פולער ענטוויקלונג; פאַנאַנ־דערגעבלאָזען.

full broth'ers (פול בראַטה'-ערז) ברי־דער פון איין פאָטער און מוטער.

full dress (פול דרעס) פּאַראַדנע קליי־דער; א פראַכט־אַנצוג, א באַל־אַנצוג.

full'-dress *a.* (פול'-דרעס) אין פראַכט־אַנצוג; פאַרמאַל; מיט צערעמאָניע; וואָס פאָדערט פּאַראַדנע קליידער.

full'-eared *a.* (פול'-איערד) מיט פולע אָנגעגאָסענע זאַנגען.

full'er *n.* and *v.* (פול'-ער) איינער וועלכער וואַלגט וואַלען־צייג; די וואַלק־מאַשין צו וואַלגען וואַלען־צייג; א מין האַלב־רונדער האַמער פון א שמיעד; אויס־שמיעדען א פערטיעפונג אדער גריבעל אין אייזען מיט'ן האַלב־רונדען האַמער.

full'er's earth (פול'-ערז אוירטה) א מין ליים פאַר דער בעאַרבייטונג פון טוך

full'ery *n.* (פול'-ער-אי) דער אָרט אדער די פאַבריק וואו מען בעאַרבייט גע־וואַנט.

full'-eyed *a.* (פול'-איד) מיט גרויסע ארויסגעשטאַרצטע אויגען.

full'-face *n.* (פול'-פייס) ז. *full-faced type*.

full'-faced *a.* (פול'-פייסט) מיט א פּנ־עי רונדען פּנים; מיט'ן פּנים צו אימע־צען

full'-faced type (פול'-פייסט טאַיפ) אין דרוקעריי — א דיקע אדער פעטע שריפט.

full'-fed *a.* (פול'-פעד) אָבגעקאָרמעט.

full'-fla'vored *a.* (פול'-פליי'-וואָרד) מיט א גוטען געשמאַק.

full'-fledged *a.* (פול'-פלעדזשד) גאַנץ ענטוויקעלט; אין פולען גאַנג.

full'-for'tuned *a.* (פול'-פאָר'-טשונד) אויף'ן שפּיץ פון הצלחה.

full front with (פול פראַנט וויטה) גראָדע געגענאיבער.

full'-gorged *a.* (פול'-גאָרדזשד) אי־בערגעקאָרמעט, צופיעל אָנגעזעטיגט.

full'-grown *a.* (פול'-גראָון) אויסגע־וואַקסען.

full hand (פול הענד) אין קאָרטען־שפּיעל — ז. *full house*.

full'-han'ded *a.* (פול'-הענ'-דעד) מיט א פולער האַנד, ניט לעדיג.

full'-hear'ted *a.* (פול'-האַר'-טעד) פול מיט מוטה; מיט גרויס קוראַזש.

full house (פול האַוס) אין פּאַרלאַ־מענט — א פערזאַמלונג פון אַלע דעפּוטאַ־טען; אין קאָרטען־שפּיעל [פּאָוקער] — 5 קאָרטען אין האַנד, וועלכע בעשטעהען פון 3 מיט איין נאָמען און א פּאָר מיט אן אנדערען, ווי למשל, 3 קעניגע און א פּאָר צעהנטלעך.

full'ing *n.* (פול'-אינג) די בעאַרבייטונג פון טוך; דאָס פול ווערען.

full'ing-mill *n.* (פול'-אינג-מיל) א וואַלק־מאַשין צו וואַלגען וואַלען־צייג; א טוך־פאַבריק.

full'-length *a.* (פול'-לענגטה) מיט דער גאַנצער לענג; מיט דער לענג פון דער גאַנצער פיגור.

full line (פול לאַין) א פאָלשטענדיגער זאַפּאַס אדער אויסוואַהל פון סחורה.
The store carries a full line of gloves.

full moon (פול מוהן) גאַנץ חודש [ווען די לבנה שיינט אין איהר פולער גרויס].

full'-mouth *n.* (פול'-מאַוטה) א פּלוי־דערזאַק; א פּלאַפּלער.

full'-mouthed *a.* (פול'-מאַוטהד) וואָס האָט א שטאַרקע שטימע; וואָס איז שייך צו א פּלוידערזאַק אדער פּלאַפּלער.

full'ness *n.* (פול'-נעס) דאָס פולקייט; דאָס זיין אָנגעפילט.

full of ac'tion (פול אָוו עק'-שאַן) טהעטיג, פול מיט בעוועגונג.

full of devi'ces (פול אָוו די-וואַי'-סעז) פול מיט המצאות.

full of mea'ning (פול אָוו מיע'-נינג) בעדייטונגספול.

full of play (פול אָוו פּליי) לעבעדיג, מונטער.

full oft (פול אָפט) זעהר אָפט.

full of words (פול אָוו וואָירדז) ריי־דעוודיג, א בעל דברן.

full of years (פול אָוו ייִרז) בעיאָה־רענט.

full'-orbed *a.* (פול'-אָרבד) ווי א פולע לבנה.

full pitch (פול פּיטש) — אין קריקעט א באַל, וואָס איז אזוי געוואָרפען, אז ער דערגרייכט דעם אַנקלאַפּער איידער ער ריהרט אָן די ערד.

full pow'er (פול פּאַו'-ער) אָנבע־שרענקטע פולמאַכט.

full rehear'sal (פול רי-הויר'-סעל) א גענעראַל־רעפּעטיציע [אין טעאַטער].

full'-rigged *a.* (פול'-ריגד) אָנגעצוי־

נען מיט אלע שטריק [ווענען א זעגעל-שיף].

full'-speed *a.* (פול'-ספיעד) אין פולען גאלאפ; מיט פולער שנעלקייט.

full'-summed *a.* (פול'-סאמד) פאל-שטענדיג.

full'-tide *a.* (פול'-טאיד) אין פולען צופלוס; מיט דער פולער האנד.

full'-toned *a.* (פול'-טאונד) מיט א פולען טאן [אין מוזיק].

full to the brim (פול טו טהי ברים) פול ווי אן אויג.

full'-tuned *a.* (פול'-טיונד) הארמאניש; אין איינקלאנג.

full'-winged *a.* (פול'-הווינגד) מיט שטארקע פליגלען.

full'y *adv.* (פול'-אי) גענצליך, גאנץ, אין גאנצען.

ful'minant *a.* (פאל'-מי-נענט) דונערנד און בליצענד; קראכענד; וואס ענטוויקעלט זיך פלעצליך [ווענען א קראנקהייט].

ful'minate *n. and v.* (פאל'-מי-נייט) קנאל-פולווער; בליצען און דונערען; עקספלאדירען מיט א שטארקען גערויש; ארויסדונערען א סטראשונאק אדער א טאדעל; ווערען פלעצליך בלאנק [ווענען געשמאלצענעם גאלד וואס איז געמישט מיט אנטימאניום]; פעראורזאכען אן עקספלאזיאן.

ful'minating *a.* (פאל'-מי-ניי-טינג) דונערענד, קראכענד, עקספלאדירענד; סטראשענד, טאדלענד.

fulmina'tion *n.* (פאל-מי-ניי'-שאן) דאס דונערען; דאס קראכען, דאס עקספלאדירען; דאס ארויסדונערען א סטראשונאק אדער א טאדעל.

ful'minatory *a.* (פאל'-מי-ניי-טא-רי) דונערענד, קראכענד.

ful'mine *v.* (פאל'-מין) דונערען, קראכען; ריידען מיט בריישקייט און אויטאריטעט; ארויסדונערען.

fulmin'eous *a.* (פאל-מינ'-אי-אס) וואס איז שייך צו א דונער און בליץ.

fulmin'ic *a.* (פאל-מינ'-איק) וואס קען עקספלאדירען, וואס קען אויפרייסען.

fulmin'ic ac'id (פאל-מינ'-איק עס'-איד) קנאל-זויערע [א געוויסע כעמישע ארגאנישע פערבינדונג].

ful'ness *n.* (פול'-נעס) ז. ***fullness***.

ful'some *a.* (פאל'-סאם) פריקרע פון צופיעל שבחים; פריקרע, עקעלהאפט, וויהדערליך; שמוציג, שענדליך.

Fulsome praise is offensive to a man of character.

ful'somely *adv.* (פאל'-סאמ-לי) אויף א פריקרען אופן [ווענען לויבען צופיעל]; אויף א שמוציגען, שענדליכען אופן.

ful'someness *n.* (פאל'-סאמ-נעס) פריקרעקייט [ווענען צו גרויסע שבחים]; עקעלהאפטיגקייט; שענדליכקייט, שמוציגקייט.

ful'vid *a.* (פאל'-וויד) ז. ***fulvous***.

ful'vous *a.* (פאל'-וואס) רויט-געלב; דונקעל-ברוין, שווארץ-ברוין.

fuma'ceous *a.* (פיו-מיי'-שאס) רויכערדיג; וואס איז שייך צום רויכערען אדער רויך.

fuma'do *n.* (פיו-מיי'-דאו) א גערויכערטער פיש.

fu'mage *n.* (פיו'-מעדזש) קוימען אבצאהלונג [אן אבצאהלונג פון יעדען קוימען וואס איז געווען אין הויז, ווי אמאל אין ענגלאנד און אין פראנקרייך].

fu'marole *n.* (פיו'-מע-ראול) אן עפנונג פון א פייער-שפייענדען בארג, פון וועלכער עס שטייגט א רויך.

fum'ble *v.* (פאמבל) טאפען, ריען, שארען; אנטאפען בלינדערהייד; אין בייס-באל-שפיעל — כאפען דעם באל אונגעשיקט און אונגעלומפערט.

fum'bler *n.* (פאמ'-בלער) אן אונגעשיקטער, אונגעלומפערטער מענש; איינער וואס ריעט אדער טאפט אונגעלומפערט.

fum'blingly *adv.* (פאמ'-בלינג-לי) אונגעשיקטערהייד, אונגעלומפערטערהייד.

fume *n. and v.* (פיום) א רויך; א דונסט, א פארע; א פוסטע איינבילדונג; אויפרעגונג, צארן; זיך אויפרעגען; צארנען; דונסטען; רויכערען; דורכרויכערען [מיט א שמעקעדיגער זאך]; רויכערען אימעצען ווייררויך [חנפ'ענען, שמייכלען]; פערדאמפפען, אוועקגעהן מיט'ן רויך.

fu'met *n.* (פיו'-מעט) די צאה פון הירשען.

fumette' *n.* (פיו-מעט') דער גערוך פון אלטען פלייש.

fu'mid *a.* (פיו'-מיד) רויכיג; דונסטיג.

fumif'erous *a.* (פיו-מיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס רויך אדער דונסט.

fu'migate *v.* (פיו'-מי-גייט) אויסרויכערען; בעגיסען מיט פארפיום.

fumiga'tion *n.* (פיו-מי-גיי'-שאן) די אויסרויכערונג; די רויכערונג.

fu'migator *n.* (פיו'-מי-גיי-טאר) אן אויסרויכערער.

fu'migatory *a.* (פיו'-מי-גיי-טא-רי) וואס רויכערט אויס, וואס רייניגט דורך אויסרויכערען.

fu'mily *adv.* (פיו'-מי-לי) מיט רויך; רויכערדיג.

fu'ming *n.* (פיו'-מינג) אויפרעגונג, צארן, כעס.

fu'mingly *adv.* (פיו'-מינג-לי) אין צארן, אין כעס, אויפגערעגט.

fu'mitory *n.* (פיו'-מי-טא-רי) ערדרויך [א זא מין פלאנצע].

fu'mous *a.* (פיו'-מאס) פון רויך-קאליר [ווענען געוויסע בלומען].

fu'my *a.* (פיו'-מי) וואס גיט ארויס א רויך; רויכיג; פול מיט דאמפף אדער דונסט.

fun *n. and v.* (פאן) צייטפערטרייב, בעלוסטיגונג; שפאס; מאכען שפאס; שפאסען.

funam'bulate *v.* (פיו-נעמ'-ביו-לייט) טאנצען אדער געהן אויף א שטריק.

funam'bulatory *a.* (פיו-נעמ'-ביו-ליי-טא-רי) ווי א שטריק-טענצער, וואס טאנצט אויף א שטריק.

funam'bulist *n.* (פיו-נעמ'-ביו-ליסט) א שטריק-טענצער.

func'tion *n. and v.* (פאנק'-שאן) א פונקציאן, א טהעטיגקייט; פעהיגקייט; אן אמט, א בעשעפטיגונג, אן ארבייטס-אויפגאבע; אן אפיציעלע צערעמאניע; אין מאטעמאטיק — א מאטעמאטישע גרעסע וואס איהר ווערטה איז אבהענגיג פון דעם ווערטה פון אן אנדער גרעסע [צ. ב. דער אומפאנג פון א קרייז איז א פונקציאן פון דעם דיאמעטער, ווייל די גרויס פון דעם אומפאנג הענגט אב פון דער גרויס פון דעם דיאמעטער]; עטוואס וואס הענגט אב מיט זיין ווערטה פון עפעס אנדערעס; אויספיהרען א פונקציאן אדער טהעטיגקייט; ארבייטען, ווירקען, פונקציאנירען.

func'tional *a.* (פאנק'-שאנ-על) אמטליך; וואס איז שייך צו א פונקציאן אדער טהעטיגקייט; וואס פיהרט אויס זיינע געוועהליכע פונקציאנען [ווענען א גליעד פון קערפער].

functional'ity *n.* (פאנק-שאנ-על'-אי-טי) דאס האבען א פונקציאן, אן אמט אדער טהעטיגקייט.

func'tionally *adv.* (פאנק'-שאנ-על-אי) אין בעצוג צו די פונקציאנען; דורך פונקציאנען.

func'tionary *n.* (פאנק'-שאנ-ע-רי) א בעאמטער; איינער וואס האט א פערטרויטען אמט.

func'tionate *v.* (פאנק'-שאנ-אייט) פונקציאנירען; ווירקען.

func'tionless *a.* (פאנק'-שאנ-לעס) אהן א פונקציאן; אהן אן אמט.

func'tus offi'cio (פאנק'-טאס א-פיש'-אי-או) וואס האט ערפילט זיין אמטליכע פפליכט, וואס האט אויסגעפיהרט זיין פונקציאן.

fund *n. and v.* (פאנד) א פאנד; א קאפיטאל; א רעגיערונגס-אנליהע [געלד וואס ווערט געליהען צו א רעגיערונג אדער צו א שטאדט-פערוואלטונג]; אבלעגען געלד צו א געוויסען צוועק; ארייגלעגען געלד אין פאנדס.

fund'able *a.* (פאנד'-עבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין א פאנד.

fun'dal *a.* (פאנ'-דעל) וואס איז שייך צו א פאנד.

fun'dament *n.* (פאנ'-דע-מענט) דאס געזעס, דער אחור.

fundamen'tal *a. and n.* (פאנ-דע-מענ'-טעל) פונדאמענטאל; וואס דיענט אלס גרונדלאגע; וואס איז שייך צו א גרונדלאגע; וועזענטליך; עלעמענטאר; א גרונדלאגע; אן עיקר.

fundamen'tal bass (פאנ-דע-מענ'-טעל בייס) דער גרונד-טאן.

fundamen'tal col'or (פאנ-דע-מענ'-טעל קאל'-אר) א גרונד-פארב [איינע פון די דריי פארבען פון וועלכע מען קען דורך מישונג צוזאמענשטעלען אלע אנדערע פערשיעדענע פארבען. דיעזע דריי גרונד-פארבען זיינען: העל-רויט, בלוי און גרין אדער געלב].

fundamental'ity *n.* (פאנ-דע-מענ-טעל'-אי-טי) דאס זיין פונדאמענטאל; וועזענטליכקייט, הויפטזעכליכקייט.

fundamen'tally *adv.* (פאנ-דע-מענ'-טעל-אי) וועזענטליך, הויפטזעכליך; אין גרונד, לויט דעם עיקר.

fundamen'talness *n.* (פאנ-דע-מענ'-טעל-נעס) ז. ***fundamentality***.

fundamen'tal tone (פאנ-דע-מענ'-טעל טאון) ז. ***fundamental bass***.

fundamen'tal truths (פאנ-דע-מענ'-טעל טרוטהס) פונדאמענטאלע ווארהייטען, אנגענומענע ווארהייטען וועלכע דיענען אלס דער פונדאמענט פון א וויסענשאפט אדער א גלויבען.

fun'ded *a.* (פאנ'-דעד) וואס עקזיסטירט אין דער פארם פון אבליגאציאנען [ווערטה-פאפירען], וועלכע טראגען א בעשטימטען רעגולערען פראצענט; וואס עקזיסטירט אלס א בעשטענדיגער חוב פון דער רעגיערונג אדער קארפאראציאן מיט א בעשטימטען פראצענט.

fun'ded debt (פאנ'-דעד דעט) אן אנלייהע אויף א לענגערען טערמין פון א רעגיערונג אדער פריוואטער געזעלשאפט אויף וועלכער עס ווערען ארויסגעגעבען אקציען אדער ווערטה-פאפירען [די אנלייהע ווערט געדעקט דורך דעם, וואס עס ווערט יעדעס יאהר אבגעלעגט א געוויסע סומע פאר דעם צוועק].

fun'der *n.* (פאנ'-דער) אן אנהענגער פון פאנדירטע אנלייהען. ז. ***funded debt***.

fund'-hol'der *n.* (פאנד'-האול'-דער) איינגענטימער פון רעגיערונגס=אנלייהען אדער רעגיערונגס=ווערטה=פאפיערען.

fun'ding *n.* (פאנ'-דינג) דאס מאכען אן אנלייהע דורך ארויסגעבען אבליגאציאנען [ווערטה=פאפיערען] מיט א בעשטימטען טערמין ביז וועלכען די שולד דארף אבגעצאהלט ווערען [ווי דאס ווערט געטהאן פון רעגיערונגען, שטאדט=פערוואלטונגען אדער פריוואטע געזעלשאפטען].

fun'ding sys'tem (פאנ'-דינג סיס'-טעם) די פונדאציאנס=סיסטעם, די סיסטעם פון מאכען אנלייהען דורך ארויסגעבען אבליגאציאנס=פאפיערען אויף א געוויסען טערמין, ווי דאס ווערט געטהאן פון רעגיערונגען אדער פון פריוואטע געזעלשאפטען [די אנלייהע ווערט געדעקט דורך אבלעגען יעהרליך א געוויסע סומע פאר דיעזען צוועק].

fund'less *a.* (פאנד'-לעס) אהן געלד; אהן פאנדען.

funds *n.* (פאנדז) געלד, מזומן; שטאאטס=פאפיערען, שטאאטס=שולדען; אקציען.

fun'dus *n.* (פאנ'-דאס) דער גרונד; דער פונדאמענט; דער דעק.

fu'neral *n. and a.* (פיו'-נע-רעל) א בעערדיגונג, א קבורה; א לויה; א רעדע ביי א בעערדיגונג; וואס איז שייך צו א בעערדיגונג.

fu'neral fur'nisher (פיו'-נע-רעל פויר'-ניש-ער) איינער וואס בעזארגט אלעס ביי א לויה.

fu'neral ora'tion (פיו'-נע-רעל א-ריי'-שאן) א בעערדיגונגס=רעדע; א הספד.

fu'neral pace (פיו'-נע-רעל פיים) לויה=שריט, לאנגזאמער גאנג.

fu'neral pile (פיו'-נע-רעל פאיל) א שייטער=הויפען אויף וועלכען א טויטער קערפער ווערט פערברענט.

fu'neral rites (פיו'-נע-רעל ראיטס) לויה=צערעמאניעס.

fu'neral ser'mon (פיו'-נע-רעל סויר'-מאן) א בעערדיגונגס=דרשה, א לויה=רעדע, א הספד.

fu'nerary *a.* (פיו'-נע-רע-רי) וואס איז שייך צו א בעערדיגונג.

fune'real *a.* (פיו-ני'-רי-על) וואס פאסט פאר א בעערדיגונג; טרויעריג, מרה=שחורה'דיג.

fune'really *adv.* (פיו-ני'-רי-על-אי) ווי ביי א לויה, ווי ביי א בעערדיגונג; מיט טרויער, מיט מרה=שחורה.

fun'gal *a. and n.* (פאנ'-געל) וואס איז שייך צו שוועמלעך; א שוועמעל.

Fun'gi *n.* (פאנ'-דזשאי) דער מין שוועמלעך.

Fun'gia *n.* (פאנ'-דזשי-א) שוועמלעך=קאראלען.

fun'gible *a. and n.* (פאנ'-דזשיבל) וואס מען קען פערבייטען מיט עפעס אנדערש; אין יוריספרודענץ — עטוואס וואס קען פערביטען ווערען מיט אן אנדער זאך פון דעמזעלבען ווערטה אדער אין דערזעלבער צאהל; א זאך וואס מען קען וועגען, צעהלען אדער מעסטען [ווי געלד, תבואה א. ז. וו.].

fun'gic *a.* (פאנ'-דזשיק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון שוועמלעך.

fun'gicide *n.* (פאנ'-דזשי-סאיד) עטוואס וואס פערניכטעט שוועמלעך [הויפטזעכליך וועגען א כעמישען שטאף].

fungic'olous *a.* (פאנ-דזשיק'-א-לאס) וואס לעבט אויף שוועמלעך.

fun'giform *a.* (פאנ'-דזשי-פארם) עהנליך צו שוועמלעך.

fungil'liform *a.* (פאנ-דזשיל'-אי-פארם) ז. ***fungiform***.

fun'gite *n.* (פאנ'-דזשאיט) א פונגיט [א פערשטיינערטער קאראל].

fungiv'orous *a.* (פאנ-דזשיווי'-א-ראס) וואס שפייזט זיך מיט שוועמלעך [הויפטזעכליך וועגען אינזעקטען].

fun'goid *a.* (פאנ'-גאיד) שוואמארטיג; וואס וואקסט פלוצלונג אויס, וואס ערשיינט פלוצלונג; אין מעדיצין — וואס האט א קראנקהאפטען, שוואמארטיגען אנוואוקס.

fungol'ogist *n.* (פאנ-גאל'-א-דזשיסט) איינער וואס שטודירט די אייגענשאפטען און די נאטור פון שוועמלעך.

fungol'ogy *n.* (פאנ-גאל'-א-דזשי) דער טייל פון באטאניק וואס בעשעפטיגט זיך מיט שוועמלעך.

fungos'ity *n.* (פאנ-גאס'-אי-טי) שוואמארטיגקייט; דאס האבען א שייכות צו שוואמען אדער שוועמלעך; א קראנקהאפטער שוואמארטיגער אנוואוקס; דאס ערשיינען פלוצלונג [אבער אהן ממשות, אהן דויערהאפטיגקייט].

fun'gous *a.* (פאנ'-גאס) שוואמיג; וואס האט א קראנקהאפטען שוואמיגען אנוואוקס; וואס וואקסט אויס אדער ערשיינט פלוצלונג, ניט האבענדיג קיין ממשות און קיין דויערהאפטיגקייט.

fun'gus *n.* (פאנ'-גאס) א שוועמעל, א שוואם; א קראנקהאפטער שוואמארטיגער אנוואוקס.

fu'nicle *n.* (פיו'-ניקל) א שטריקעל, א פאדעם, א פיבר [אן אדערעל ביי פלאנצען]: די ערשטע אויסשפראצונג, דאס ווארצעלע ביי זאמען; א נאפעל=שנור [ווי בי קינדער גלייך נאך זייער געבורט].

funic'ular *a. and n.* (פיו-ניק'-יו-לאר) פעדימדיג, פיברדיג; וואס איז שייך צו א נאפעל=שנור; א שטריק=פאליגאן. ז. ***funicular polygon***.

funic'ular machine' (פיו-ניק'-יו-לאר מע-שין') א פארריכטונג וואס בעשטעהט פון שטריק און געוויכטען, וואס זיינען אויף זיי אנגעהאנגען [ווערט געברויכט צו אילוסטרירען געוויסע מעכאנישע געזעצען].

funic'ular pol'ygon (פיו-ניק'-יו-לאר פאל'-אי-גאן) א געאמעטרישע פיגור וואס בילדעט זיך, ווען א שטריק ווערט געצויגען אדער אונטערגעשפארט אין פערשיעדענע פונקטען.

funic'ulus *n.* (פיו-ניק'-יו-לאס) א שטריקעל; א פאדעם; א נאפעל=שנור.

fu'niform *a.* (פיו'-ני-פארם) ז. ***funiliform***.

funil'iform *a.* (פיו-ניל'-אי-פארם) עהנליך צו א שטריק.

funk *n. and v.* (פאנק) א שטארקער אונאנגענעהמער גערוך; פורכט, שרעק, פאניק; ארויסגעבען א שטיקענדען, אונאנגענעהמען גערוך; זיך שטארק דערשרעקען.

fun'ky *a.* (פאנ'-קי) שרעקעדיג; ברייקענדיג [וועגען א פערד]; וואס רעגט זיך שנעל אויף.

fun'nel *n.* (פאנ'-על) א לייקע; אן אבצוג פאר רויך אדער פארע.

fun'neled *a.* (פאנ'-עלד) וואס האט א לייקע אדער אן אבצוג פאר רויך אדער פארע; עהנליך צו א לייקע.

fun'nelform *a.* (פאנ'-על-פארם) עהנליך צו א לייקע.

fun'nelled *a.* (פאנ'-עלד) ז. ***funneled***.

fun'nel-like *a.* (פאנ'-על-לאיק) ז. ***funnelform***.

fun'nel-shaped *a.* (פאנ'-על-שייפט) ז. ***funnelform***.

fun'nily *adv.* (פאנ'-אי-לי) אויף א שפאסהאפטען אדער קאמישען שטייגער.

fun'niment *n.* (פאנ'-אי-מענט) א שפאסהאפטע אדער קאמישע זאך אדער אויסדרוק.

fun'niness *n.* (פאנ'-אי-נעס) שפאסהאפטיגקייט, קאמישקייט.

fun'ning *n.* (פאנ'-אינג) דאס שפאסען; דאס מאכען קאמישע אדער שפאסהאפטע שטיק.

fun'ny *a. and n.* (פאנ'-אי) שפאסהאפט, לעכערליך, קאמיש, מאדנע, איבערראשענד; א לאנג, שמאל שיפעל [ווערט געברויכט ביי וועט=קעמפפע].

fun'ny-bone *n.* (פאנ'-אי-באון) דער ביין ביים עלענבויגען.

fun'ny-man *n.* (פאנ'-אי-מען) א קלאון, א פאיאץ.

fu'or *n.* (פיו'-אר) א שטיקעל האלץ צוגעשלאגען צו א פערפוילטען באלקען [אדער שפארע], אום איהם צו בעפעסטיגען.

fur *n., a. and v.* (פויר) רויכווארג, פוטער, פעלץ=וואארען; די פעל אדער פעלץ פון געוויסע ווילדע חיות; א הויט, א קארע; די ווייכע האריגע הויט פון א פערסיק; דער ווייסער שיכט וואס לעגט זיך אויס אויף דער צונג ביי א מענשען, וועלכער ליידט פון פיבער אדער מאגען=קראנקהייט; א דינער שיכט פון אבגעזעצטען שטאף וועלכער בילדעט זיך אויס אויף די ווענטלעך פון א כלי, וואו עס איז א לאנגע צייט געווען א פליסיגקייט און בעזונדערס ווין; דער שיכט פון קעסעל=שטיין וואס בילדעט זיך אויס אויף די ווענטלעך פון א קעסעל; חיות ביי וועלכע דער פעלץ בעשטעהט פון ווייכען פוטער; א שרינט אדער אקער=שניט איבער'ן פעלד וואס ווערט אויסגעאקערט מיט א פלוג; וואס איז שייך צו רויכווארג; געמאכט פון פוטער; בעציהען, ארומנעהמען אדער בעדעקען מיט פעלץ אדער פוטער; בעדעקען מיט א קראנקליכען שיכט [ווי דער ווייסער שיכט אויף דער צונג ביי א קראנקען מענשען]; בעציהען מיט א הויט אדער קארע; ביי סטאליארעס — בעשלאגען מיט לייסטלעך אדער ברעטלעך; רייניגען א קעסעל פון קעסעל=שטיין.

fur'below *n. and v.* (פויר'-בי-לאו) א פאלבעל [א קרויזעל ארום א פרויען=קלייד]: א שעהן=אויסגעארבייטע פערציערונג; א מין ים=גראז, וואס געפינט זיך ביים ים אין ענגלאנד; ארומנעהמען מיט א קרויזעל.

fur'bish *v.* (פויר'-ביש) פאלירען, פוצען, פיילען; אראבנעהמען דעם שאנדפלעק; אומקעהרען צוריק דעם כבוד.

fur'bisher *n.* (פויר'-ביש-ער) א פאלירער.

fur'-boot *n.* (פויר'-בוהט) פעלץ=שטיוועל.

fur'-cap *n.* (פויר'-קעפ) א פעלץ=היטעל.

fur'cate *a. and v.* (פויר'-קייט) גאפעלדיג, אין דער פארם פון א גאפעל; פאנאנדערצווייגען זיך ווי א גאפעל.

furca'tion *n.* (פויר-קיי'-שאן) דאס פא=

נאנדערצווייגען זיך ווי א גאפעל; א פאנאנדערטיילונג.

fur'fur *n.* (פויר'-פויר) [די קאפּ=שופּען [די ווייסע פלעווקעלעך וואס שיטען זיך פון די האר].

furfura'ceous *a.* (פויר-פיו-ריי'-שיאס) ווי מעקענע; געמאכט פון מעקענע; שופּענארטיג; אין באטאניק — בעדעקט מיט שופּען.

furfura'ceously *adv.* (פויר-פיו-ריי'-שיאס-לי) מיט שופּען בעדעקט; ווי מעקענע.

fur'furous *a.* (פויר'-פיו-ראס) ז. *furfuraceous*

furio'so *a. and n.* (פוה-רי-או'-סאו) אין מוזיק — צארענדיג, ווילטענד; אן אויפגעבראכטער, צארענדיגער מענש.

fu'rious *a.* (פיו'-רי-אס) ווילטענד; שרעקליך אויפגעבראכט; מיט א ווילדען גרימצארן; אין א ווילדען כעס.

fu'riously *adv.* (פיו'-רי-אס-לי) ז. *furious*

fu'riousness *n.* (פיו'-רי-אס-נעס) שרעקליכע אויפגעבראכטקייט, גרימצארן, א ווילדער כעס.

furl *v.* (פוירל) אויפראלען, אויפציהען [ווי א זעגעל פון א שיף].

fur'long *n.* (פויר'-לאנג) אן ענגלישע לענגען=מאס [א ⅛ פון אן ענגלישער מייל].

fur'lough *n. and v.* (פויר'-לאו) אן אור=לויב; אן ערלויבניש וואס ווערט געגעבען א סאלדאט אוועקצוגעהן פון דיענסט אויף א געוויסער צייט; געבען אן אורלויב=צעטעל.

fur'nace *n. and v.* (פויר'-נעס) א שמעלץ=אויוועז [א מין אויווען וואו מען שמעלצט מעטאלען]; דער ארט אדער די צייט פון שרעקליכע יסורים; שמעלצען [מעטאלען] אין א שמעלץ=אויווען; אנהייצען אדער מאכען א היץ ווי אין א קאלך=אויווען.

fur'nace-bur'ning *a.* (פויר'-נעס-בויר'-נינג) וואס ברענט ווי א קאלך=אויווען.

fur'nace-steel *n.* (פויר'-נעס'-סטיעל) שטאהל וואס איז געשמאלצען אין א שמעלץ=אויווען.

fur'nish *v.* (פויר'-ניש) פערזארגען; מעבלירען; פערציערען; אויסשטאטען.

fur'nish a han'dle (פויר'-ניש ע הענדל) געבען א געלעגענהייט.

Your mistakes have furnished a handle to his arguments.

fur'nish aid (פויר'-ניש אייד) געבען הילף.

fur'nished *a.* (פויר'-נישט) מעבלירט; אויסגעשטאטעט; פערזארגט.

fur'nisher *n.* (פויר'-ניש-ער) איינער וואס בעזארגט עפּעס; איינער וואס שטעלט צו פּראדוקטען; אן אויסשטאטער; א מעבלירער.

fur'nishing *n.* (פויר'-ניש-אינג) דאס בעזארגען עפּעס אדער דאס צושטעלען פון פּראדוקטען; די אויסשטאטונג; מעבלירונג.

fur'niture *n.* (פויר'-ני-טשור) מעבעל; פערציערונג; אויסשטאטונג; אין דרוקעריי — שטעגען [די הילצערנע און מעטאלענע קלעצעלעך, וועלכע לעגען זיך אריין אין ראהם ארום דער דרוק=שריפט, כדי זי זאל זיך האלטען אויף איין ארט ביים דרוקען].

fu'ror *n.* (פיו'-ראר) צארן, וואוט; א מאניע, א שטארקע לייד(ע)נשאפט צו עפּעס.

furo're *n.* (פוה-ראו'-רע) ז. *furor*

fur'rier *n.* (פויר'-אי-ער) א רויכווארג=הענדלער; איינער וואס ארבייט אויס אדער פערקויפט פוטער=ווארע.

fur'riery *n.* (פויר'-אי-ער-אי) רויכ=ווארג; דער האנדעל מיט פוטער אדער פעלץ.

fur'ring *n.* (פויר'-אינג) רויכווארג; פעלץ=ווארע; דאס ארומנעהען מיט פוטער; קעסעל=שטיין אויף די ווענטלעך פון א קעסעל; דער ווייסער שיכט אויף דער צונג פון א מענשען, וועלכער ליידעט פון א קראנקען מאגען; דאס שילעווען אדער בעשלאגען מיט לייסטלעך אדער ברעטלעך; אנגעשלאגענע לייסטלעך אויף א וואנד.

fur'row *n. and v.* (פאר'-או) א שרינט, א וואגע אדער אקער=שניט [דער אקער=שניט וואס אן אקער=אייזען מאכט ציהענדיג זיך איבער'ן פעלד]; א רינווע אדער פערטיעפונג אין מעטאל אדער שטיין; א קנייטש; מאכען א שרינט אדער אקער=שניט; מאכען רינוועס אדער פערטיעפונגען אין מעטאל אדער שטיין; מאכען קנייטשען.

fur'row-faced *a.* (פאר'-או-פייסט) מיט א געקנייטשטען שטערען.

fur'row-weed *n.* (פאר'-או-הוויעד) אונקרויט [ווילדע גראזען וואס וואקסען ארויס אויף געאקערטע פעלדער].

fur'ry *a.* (פויר'-אי) פון פוטער, פון פעלץ; בעדעקט מיט פעלץ אדער פוטער; וואס איז ענליך צו פוטער.

fur'ther *a., adv. and v.* (פויר'-טהער) 1. ווייטער, אין א ווייטערער דיסטאנץ; אלס צוגאב צו; אויסער דעם; נאך עפּעס; וואס שטעהט אב ווייטער איידער אן אנדער זאך; וואס ציהט זיך ווייטער; 2. פערדערען; טרייבען פארווערטס.

2. His writings aim to further the cause of universal peace.

fur'therance *n.* (פויר'-טהער-ענס) די פערדערונג, דאס ברייגנען אדער טרייבען ווייטער צום פארשריט.

fur'ther end (פויר'-טהער ענד) דער ווייטערער צוועק.

fur'therer *n.* (פויר'-טהער-ער) א פערדערער, איינער וואס ברייגנט אדער טרייבט ווייטער צום פארשריט.

fur'thermore *adv.* (פויר'-טהער-מאור) אויסער דעם, חוץ וואס איז שוין געזאגט אדער געטהאן געווארען; נאך מעהר; ווייטער.

fur'thermost *a.* (פויר'-טהער-מאוסט) וואס איז נאך ווייטער.

fur'ther partic'ulars (פויר'-טהער פאר-טיק'-יו-לערז) גענויערע פּרטים.

fur'thersome *a.* (פויר'-טהער-סאם) וואס האט די נייגונג אדער קראפט צו פערדערען אדער טרייבען פארווערטס; וואס קען העלפען אדער אונטערשטיצען.

fur'thest *adv. and a.* (פויר'-טהעסט) וואס איז דער ווייטעסטער; אם ווייטעסטען.

fur'tive *a.* (פויר'-טיוו) גע'גנב'עט; ערווארבען דורך גנבה; ווי א גנב.

fur'tively *adv.* (פויר'-טיוו-לי) גנבה=שערהייד; מעשה גנב.

fu'runcle *n.* (פיו'-ראנקל) א בלוט=גע=שוויר, א בייל.

furun'cular *a.* (פיו-ראנ'-קיו-לאר) וואס איז שייך צו א בלוט=געשוויר אדער בייל.

fu'ry *n.* (פיו'-רי) א שטארקע אויפרעגונג; וואוט; א ווילדער כעס.

Fu'ry *n.* (פיו'-רי) אין דער גריכיש=רוי=מישער מיטאלאגיע — איינע פון די פורי=ען אדער עריניען, די דריי געטיינען פון ראכע, וועלכע זיינען געווען פארגעשטעלט מיט שלאנגען אויף'ן קאפּ, מיט א בייטש אין איין האנד און מיט א פאקעל אין דער צווייטער.

furze *n.* (פוירז) [א מין וויל=גונסטער [א מין ווילדער דארן=פלאנצע].

Furze

fur'zy *a.* (פויר'-זי) בעוואקסען מיט גונסטער [א מין ווילדער דארן].

fu'sarol *n.* (פיו'-סע-ראול) אין ארכי=טעקטור — אן אסטראגאל [א רייפעל אדער שטרייף וואס דיענט אלס פערציערונג ארום א זייל].

fu'sarole *n.* (פיו'-סע-ראול) ז. *fusarol*

fus'cous *a.* (פאס'-קאס) ברוין, טונקעל.

fuse *v. and n.* (פיוז) שמעלצען; מאכען פליסיג; צונויפשמעלצען, פעראייניגען, צונויפגיסען; זיין צונויפגעגאסען אדער צונויפגעשמאלצען; דער צונד=רעהר אדער טרייבעל פון א באמבע אדער גראנאט.

fusee' *n.* (פיו-זיע') דאס קאנישע רע=דעל אין א וואנד=זייגער מיט געוויכטער, אויף וועלכען עס ווערט אנגעצויגען די קייט אדער שנור, אויף וועלכע די גע=וויכטער הענגען; אזא זארט שוועבעלע צו פעררויכערען א ציגאר אדער א ליולקע.



Fusee

fusibil'ity *n.* (פיו-זי-ביל'-אי-טי) שמעלצבארקייט, פליסיגקייט.

fu'sible *a.* (פיו'-זיבל) שמעלצבאר, פלי=סיג; וואס קען צושמאלצען אדער פאנאנ=דערגעלאזען ווערען.

fu'siform *a.* (פיו'-זי-פארם) שפּינדעל=פערמיג, ווי א שפּינדעל [וועגען געוויסע פלאנצען און חיות].

fu'sil *n.* (פיו'-זיל) א מין ביקס; א גע=וויסע פארם פון א שילד מיט א ראמב אין מיטען.



Fusil

fusileer' *n.* (פיו-זי-ליער') א סאלדאט פון א געוויסען מין אינ=פאנטעריע [פעכאטע].

fusilier' *n.* (פיו-זי-ליער') ז. *fusileer*

fusillade' *n. and v.* (פיו-זי-לייד') א זאלפּ, א שיסעריי פון פיעל ביקסען מיט אמאל; שיסען מיט א זאלפּ.

fu'sing-point *n.* (פיו'-זינג-פּאינט) [דער שמעלצונגס=פּונקט [דער טעמפּעראַ=טור=גראד, ביי וועלכען פערשיעדענע מע=טאלען אדער אנדערע הארטע זאכען הויבען אן זיך צו שמעלצען].

fu'sion *n.* (פיו'-זשאן) די שמעלצונג;

די צונויפשמעלצונג, די פעראייניגונג פון בעזונדערע זאכען; אין פאליטיק — די פעראייניגונג פון פארטייען אדער פראקציאנען.

fu'sionism *n.* (פיו'-זשאנ-איזם) די פעראייניגונג פון צוויי אדער עטליכע פאליטישע פארטייען געגען אן אנדער פארטיי.

fu'sionist *n.* (פיו'-זשאנ-איסט) איינער וואס אונטערשטיצט די פעראייניגונג פון צוויי אדער עטליכע פאליטישע פארטייען מיט דעם ציעל צו בעקעמפפען אן אנדער פארטיי.

fuss *n. and v.* (פאס) א ליארעם וועגען קלייניגקייטען; א טומעל וועגען זאכען וואס זיינען גארנישט ווערטה; טומלען וועגען קלייניגקייטען; מאכען א וועזען פון גארנישט.

fuss'ify *v.* (פאס'-אי-פאי) מאכען א טומעל אומזיסט און אומנישט.

fuss'ily *adv.* (פאס'-אי-לי) אויף א טומעלדיגען, ליארעמדיגען שטייגער.

fuss'iness *n.* (פאס'-אי-נעס) טומעלדינקייט, ליארעמדינקייט [אומזיסט און אומנישט].

fuss'y *a.* (פאס'-אי) טומעלדיג, ליארעמדיג; וואס מאכט אן א טומעל וועגען א קלייניגקייט.

fust *n.* (פאסט) — א אין ארכיטעקטור רונדער זייל [אהן דעם פוס און אהן דעם קאפ].

fus'tian *n. and a.* (פאס'-טשען) מאשעסטער אדער באוועלנער סאמעט [א מין דיקער באוועלנער צייג]; אן אוננאטירליכער, אויפגעבלאזענער ארט פון שרייבען און רעדען; פוסטע מליצות; געמאכט פון מאשעסטער אדער באוועלנעם סאמעט; אויפגעבלאזען, באמבאסטיש [אין שרייבען און רעדען].

fus'tianist *n.* (פאס'-טשענ-איסט) א שרייבער וואס האט אן אויפגעבלאזענעם סטיל [וואס געברויכט פיעלע אוננויטיגע ווערטער און פוסטע מליצות].

fus'tic *n.* (פאס'-טיק) א געלער פארבשטאף וואס בעקומט זיך פון א געוויסען זארט בוימער, וועלכע וואקסען אין וועסט-אינדיען און אין די הייסע לענדער פון דרום-אמעריקא.

fus'tigate *v.* (פאס'-טי-גייט) שלאגען מיט א שטעקען.

fustiga'tion *n.* (פאס-טי-גיי'-שאן) דאס שמייסען, דאס שלאגען מיט א שטעקען.

fus'tiness *n.* (פאס'-טי-נעס) שימעלגערוך; שימעל.

fus'toc *n.* (פאס'-טאק) ז. ***fustic***

fus'ty *a.* (פאס'-טי) וואס שמעקט מיט שימעל; שימעלדיג.

fu'tile *a.* (פיו'-טיל) נוצלאז, פוסט, לעער, אונוויכטיג.

He made a futile attempt to reach the President.

futilita'rian *n.* (פיו-טיל-אי-טיי'-רי-ען) איינער וואס איז איבערגעגעבען צו פוסטע, אונוויכטיגע, נוצלאזע זאכען.

futil'ity *n.* (פיו-טיל'-אי-טי) אונוויכטיגקייט, לעערהייט, הבלים, פוסטע זאכען, נוצלאזיגקייט.

fut'tock *n.* (פאט'-אק) איינע פון די אויסגעבויגענע מיטעלסטע באלקענס פון א שיף.

fu'ture *a. and n.* (פיו'-טשור) קינפטיג, צוקינפטיג, אין א צייט ארום; די צוקינפטיגע צייט, די צוקונפט; א מין ספעקולאציאן אויף דער בערזע, וואו ווערטהפאפיערען אדער אנדערע זאכען ווערען פערקויפט אויף שפעטער, להבא; אין גראמאטיק — דער פוטורום, דער עתיד, די צוקונפט-צייט.

fu'ture a'ges (פיו'-טשור איי'-דזשעז) די צוקינפטיגע דורות.

futu'rity *n.* (פיו-טשו'-רי-טי) די צוקינפטיגע צייט; לעתיד לבוא; א צוקינפטיגע זאך.

fuze *n. and v.* (פיוז) א צינדער [א פארריכטונג צום אנצינדען עקספלאזיאנס-מאטעריאלען אום זיי צו ברייגען צום עקספלאדירען, ווי ביי באמבען, דינאמיט א. ד. ג.]; א זיכערונגס-דרעטעל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין אן עלעקטרישען שטראם-קרייז [דאס דרעטעל איז בערעכנעט אויף אויסצוהאלטען א געוויסע שטארקייט פון עלעקטרישען שטראם, ווען דער שטראם ווערט צו שטארק ווערט דאס דרעטעל צושמאלצען און דער שטראם-קרייז ווערט דערמיט אונטערבראכען]; אריינשטעלען א פערזיכערונגס-דרעטעל אין אן עלעקטרישען שטראם-קרייז; אריינשטעלען א צינדער אין עקספלאזיאנס-מאטעריאלען צום עקספלאדירען.

fuzz *n. and v.* (פאז) קליינע פוכינע טיילעכלעך אדער שטיקעלעך וואס רייבען זיך אב און ווערען צובלאזען אויף'ן ווינד; צופליהען אין קליינע פוכינע שטיקעלעך וואס רייבען זיך אב.

fuzz'ball *n.* (פאז'-באהל) דער רעגען-שוועמעל [א מין שוואם, פון וועלכען עס פליהען ארויס קליינע פוכינע שטיקעלעך ווען ער פלאצט].

fuzz'iness *n.* (פאז'-אי-נעס) פוכיגקייט; דאס קענען זיך פאנאנדערפליהען.

fuzz'y *a.* (פאז'-אי) נרינג, פוכקע; בעדעקט מיט לייכטע, פוכקע טיילעכלעך אדער שטיקעלעך.

fy *int.* (פאי) ז. ***fie***

fyke *n.* (פאיק) א מין נעץ פאר פיש.

fyke'-net *n.* (פאיק'-נעט) ז. ***fyke***

G

G, g (דזשי) דער 7טער בוכשטאב פון דער ***a-b-c***

Ga. אבקירצונג פון ***Georgia*** [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

g. a. ראשי תבות פון די ווערטער ***general average***

G. A. ראשי תבות פון די ווערטער ***General Assembly***

gab *n. and v.* (געב) א האקען; פלוידעריי; פלוידערען.

gabardine' *n.* (געב-ער-דין') א קאפאטע; א לאנגער, ברייטער מאנטעל; אן אויבערמאנטעל.

gab'bard *n.* (געב'-ארד) אזא שווערע בארזשע אדער משא-שיף.

gab'ber *n.* (געב'-ער) א פלוידערזאק; א ליגנער.

gab'ble *v. and n.* (געבל) ריידען הויך אויף'ן קול און גיך; פלאפלען, פלוידערען; גאגאטשען [שנאטערען, שרייען] ווי א גאנז; פלוידעריי, פלאפלעריי.

gab'bler *n.* (געב'-לער) א פלוידערער, א פלאפלער.

gab'bling *n.* (געב'-לינג) פלוידעריי, פלאפלעריי.

gab'by *a.* (געב'-אי) פלוידערדיג, פלאפלערדיג.

ga'bel *n.* (גיי'-בעל) זאלץ-שטייער; שטייער, אבגאבע [אין איראפא].

gabelle' *n.* (גע-בעל') ז. **gabel**

ga'beller *n.* (גיי'-בעל-ער) א שטייער-קאלעקטאר.

gaberdine' *n.* (געב-ער-דין') ז. ***gabardine***

ga'bion *n.* (גיי'-בי-אן) א שאנץ-קארב [אזא רונדע קארב אהן א דעק וועלכע ווערט אנגעפילט מיט ערד און ווערט בענוצט אין פעסטונגס-ווערק].


Gabion

gabionade' *n.* (גיי-בי-א-נייד') א פעסטונגס-ווערק וואס איז געמאכט פון שאנץ-קערב. ז. ***gabion***

ga'bioned *a.* (גיי'-בי-אנד) ארומגעלעגט מיט שאנץ-קערב. ז. ***gabion***

gabionnade' *n.* (גיי-בי-א-נייד') ז. ***gabionade***

ga'ble *n.* (גייבל) א גיבעל [דער אויבערשטער טייל פון א שארפען משופע'דיגען דאך]; א דרייעקיגע פערציערונג פון געביידען אין דער פארם פון א שפיציגען דאך, ווי דאס ווערט געמאכט איבער פענסטער און טהירען.

ga'ble-bel'fry *n.* (גיי'בל-בעל'-פרי) א קליינער גלאקען-טהורם מיט א שפיציגען דאך.

ga'bled *a.* (גייבלד) וואס האט א גיבעל. ז. ***gable***

ga'ble-end *n.* (גיי'בל-ענד) דער שפיץ פון א וואנד פון א הויז וואס האט א שארפען משופע'דיגען דאך.

ga'ble-en'ded *a.* (גיי'בל-ענ'-דעד) וואס האט א גיבעל. ז. ***gable***

ga'ble-roof *n.* (גיי'בל-רוהף) א גיבעל-דאך, א שארפער משופע'דיגער דאך.

ga'ble-roofed *a.* (גיי'בל-רוהפט) וואס האט א גיבעל-דאך [א שארפער משופע'דיגער דאך].

ga'blet *n.* (גיי'-בלעט) א פערציערונגס-גיבעל [א קליין שפיציג דעכעל וואס דיענט אלס פערציערונג איבער פענסטער אדער טהירען א. ד. ג.].

ga'ble-wall *n.* (גיי'בל-הוואהל) די וואנד, וועלכע בילדעט אוים דעם גיבעל פון א הויז. ז. ***gable***

ga'ble-win'dow *n.* (גיי'בל-הווינ'-דאו)

א פענסטער וואס האט איבער זיך א שפיציג דעכעל.

ga'by *n.* (גיי'-בי) א שוטה, א דומער יונג.

gad *n. and v.* (געד) א שפיץ; א שפיציגער אינסטרומענט; א קלין; א שפיציגע אייזען-שטאנג; א שפיציגער שטאק; א רוט; דאס ארומלויפען, דאס ארומטרייבען זיך; צושלאגען מיט א שפיציגען טשוואק; זיך ארומטרייבען גארנישט טהוענדיג; ארומלויפען היין און צוריק.

gad'about *n.* (געד'-ע-באוט) א פוסט און פאסניק; אן ארומלויפערקע [א פרוי וואס זיצט ניט איין אין דער היים].

gad'ded *a.* (געד'-עד) שפיציג; מיט א שפיץ.

gad'der *n.* (געד'-ער) אן ארומטרייבער, אן ארומשלעפער.

gad'ding *n.* (געד'-אינג) דאס ארומטרייבען זיך; דאס ארומשלעפען זיך.

gad'dingly *adv.* (געד'-אינג-לי) אויף אן ארומטרייבערישען אופן; ארומשלעפענדיג זיך.

gad'dish *a.* (געד'-איש) וואס טרייבט זיך ארום.

gad'dishness *n.* (געד'-איש-נעס) ארומטרייבעריי, ארומשלעפעריי.

gad'fly *n.* (געד'-פלאי) די פערד-פליעג [אזא פליעג וואס פאלט גערן אן אויף פערד און אנדערע הויז-טהיערע]; אן ארומטרייבער; איינער וואס דאקוטשעט.



Gadfly

gad'wall *n.* (געד'-וואהל) א מין ענטעל.

Gael *n.* (גייל) א קעלטישער שאטלענדער פון די הויך-לאנד בעוואהנער.

Gae'lic *a. and n.* (גיי'-ליק) וואס איז שייך צו די קעלטישע שאטלענדער [די הויך-לאנד-בעוואהנער אין שאטלאנד]; די געלישע שפראך [די שפראך פון די הויך-לאנד בעוואהנער אין שאטלאנד].

Gae'licist *n.* (גיי'-לי-סיסט) איינער וואס שטודירט די געלישע שפראך.

ז. *Gaelic*

gaff *n. and v.* (געף) א הארפון-שטאנג [אזא שטארקער, שארפער אייזערנער האטשעק (קרוק) בעפעסטיגט צו א שטאנג וואס פישער בענוצען ארויסצוציהען גרויסע פיש פון וואסער]; א קוואר-שטאנג פון א שיף; א קליינער שטאנג; א ביליגער אמוזירונגס-פלאץ אדער טעאטער אין ענגלאנד; ארויסציהען פיש מיט א הארפון-שטאנג.

gaf'fer *n.* (געפ'-ער) אן אלטער מאן, אן אלטער לאנדסמאן; אן אויפזעהער איבער ארבייטער; איינער וואס ציהט ארויס פיש פון וואסער מיט א הארפון-שטאנג.

gaff'-hook *n.* (געפ'-הוק) א הארפון-שטאנג. ז. *gaff*

gaf'fle *n.* (געפל) א גאפעל-פערמיגער געשטעל וועלכער פלעגט אמאל געברויכט ווערען אונטערצושטיצען די ביקס ביים שיסען; א שטאלענער שפארען וואס ווערט אנגעטהאן אויף דעם פוס פון א קאמפף-האהן.

gag *n. and v.* (געג) א שפאר-העלצעל, א שפרייז-העלצעל [א העלצעל אויפצושפארען דאס מויל]; עטוואס מיט וואס מען פערשטאפט דאס מויל, אז מען זאל ניט קענען ריידען אדער שרייען; די פערגוואלטיגונג פון רעדע-פרייהייט; א ביסען וואס קעהרט צו ברעכען; א מין גרויסער פיש וואס געפינט זיך ביי די אטלאנטישע ברעגען פון דרום-אמעריקא; פערשטאפען דאס מויל; ניט לאזען ריידען; אויפשפארען דאס מויל מיט א שפאר-העלצעל; ברייגנען צום ברעכען; ברעכען; פערשטאפען; שפאסען, חוזק מאכען; אריינשטעלען ווערטער פון דער אייגענער ראלע אין א צווייטענס [וועגען אקטיארען].

gage *n. and v.* (גיידזש) א משכון, א פפאנד; דאס געבען א משכון, דאס לעגען ערבות; דאס וואס ווערט איינגעלעגט אין א וועט; דאס ארויסרופען צום קאמפף; א מאסשטאב, א קאליבער, אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען מעסט די גרויס, ברייט אדער אומפאנג פון א זאך; א בעשטימטע פעסטגעשטעלטע מאס פון עפעס [ווי למשל די ברייט צווישען די שינען אדער רעלסען פון אן אייזען-באהן]; דער טיעף-גאנג פון א שיף, די מאס וויפיעל א שיף קען זיצען טיעף אין וואסער; די פאזיציאן אדער די לאגע פון א שיף בנוגע צום ווינד אדער צו אן אנדער שיף; מעסטען די גרויס, אומפאנג אדער אינהאלט פון עפעס [ווי פון א שיף]; אבשאצען עפעס; מאכען פעלדעלעך אויף א קלייד.

ga'geable *a.* (גיי'-דזשעבל) וואס קען געמאסטען ווערען.

gaged *a.* (גיידזשד) צוגעפינקטליך געפאסט.

gage'-plate *n.* (גיידזש'-פלייט) א פאר-ריכטונג, וועלכע ווערט אריינגעשטעלט אין א מאשין צו שניידען, האקען לעכלעך א. ד. ג., אום דאס וואס ווערט געשניטען אדער געהאקט זאל זיין אין איין מאס.

ga'ger *n.* (גיי'-דזשער) א מעסטער, אן אויסמעסטער; איינער וואס מעסט דעם אינהאלט פון כלים.

gag'ger *n.* (געג'-ער) א קנעבלער, א מויל-פערשטאפער; א שפאר-אייזענדעל, וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א פורם צו האלטען פעסט דעם קערן אויף אן ארט.

gag'gle *v. and n.* (געגל) גאגאטשען ווי גענז; א הורטע גענז; א פלאפלער-געזעלשאפט.

gag'gler *n.* (געג'-לער) א גאנז.

ga'ging *n.* (גיי'-דזשינג) די מעסטונג פון מעסטען דעם אינהאלט פון א כלי.

ga'ging-rod *n.* (גיי'-דזשינג-ראד) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אינהאלט פון כלים.

gag'-law *n.* (געג'-לאה) דאס געזעץ וועגען רעגולירען די צייט פון דעבאטען אין דעם קאנגרעס [פארלאמענט] פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

gag rule (געג רוהל) דאס געזעץ אין א פערזאמלונג אדער פארלאמענט וואס אונטערדריקט מיט פערשיעדענע קונצען די רעדע-פרייהייט.

gai'ety *n.* (גיי'-ע-טי) פרעהליכקייט, לוסטיגקייט; פוץ, גלאנץ.

gai'ly *adv.* (גיי'-לי) אויף א פרעהליכען, לוסטיגען שטייגער; לעבעדיג, שמחה'דיג; מיט פוץ, מיט גלאנץ.

gain *n. and v.* (גיין) געווין, פראפיט, פערדיענסט; פרנסה; דאס בעקומען פראפיט; דאס וואס עס קומט צו; אן אויסגעבויערטער לאך אין א באלקען אדער קלאץ, וואו עס שטעלט זיך אריין אן אנדער באלקען אדער קלאץ; א צאפען-לאך; אן אויסגעשניצטע ריגנע אדער פערטיעפונג אין א ברעט, וואו עס שטעלט זיך אריין אן אנדער ברעט; געווינען; עררייכען; דערגרייכען; זיגען; פראפיטירען; פערדיענען; פראגרעסירען; וואקסען; אויסבויערען א לאך אין א ברעט אדער באלקען, כדי אריינצושטעלען אן אנדער ברעט אדער באלקען.

gai'nable *a.* (גיי'-נעבל) וואס מען קען געווינען; וואס קען דערגרייכט ווערען.

gain a point (גיין ע פאינט) עפעס עררייכען.

gain'-devo'ted *a.* (גיין'-די-וואו'-טעד) וואס זוכט לייכטע פראפיטען.

gai'ner *n.* (גיי'-נער) א געווינער; א זיגער.

gain'ful *a.* (גיין'-פול) איינטרעגליך; וואס ברייגנט פראפיט.

gain'fully *adv.* (גיין'-פול-אי) מיט גוטען פראפיט; מיט נצחון.

gain'fulness *n.* (גיין'-פול-נעס) איינטרעגליכקייט; דאס זיין מיט פראפיט.

gain ground (גיין גראונד) 1. קריגען איינפלוס; 2. פערשפרייטען זיך; ווערען מעהר פאפולער.

2. The religions of the East are **gaining ground** in America.

gai'nings *n.* (גיי'-נינגז) פראפיטען, פערדיענסטען.

gain'less *a.* (גיין'-לעס) ניט איינטרעגליך; וואס ברייגנט ניט קיין פראפיט.

gain'lessness *n.* (גיין'-לעס-נעס) דאס זיין ניט איינטרעגליך; דאס ניט ברייגנען קיין פראפיט.

gain on (גיין אן) 1. צוקומען אדער ארויפקומען ביסלעכווייז; דערנעהנטערען זיך צו עפעס; 2. בעקומען די איבערהאנד; בעקומען אן איינפלוס אויף עפעס אדער אימיצען.

1. The river **gains on** the land.

gain one's point (גיין הוואנז פאינט) דערגרייכען דעם ציעל.

gain o'ver (גיין או'-ווער) אריבערגעווינען, אריבערציהען; גובר זיין; בעקומען די איבערהאנד.

gainsay' *v.* (גיין-סיי') רעדען דאגעגען, ווידערשפרעכען; פערניינען, אבלייקענען.

gainsay'er *n.* (גיין-סיי'-ער) א ווידערשפרעכער, א געגנער; איינער וואס לייקענט אב אדער רעדט דאגעגען.

gainsay'ing *n.* (גיין-סיי'-אינג) א פערניינונג, א הכחשה; א טענה דאגעגען.

'gainst *prep.* (גיינסט) ז. *against*

gain subsist'ence (גיין סאב-סיסט'-ענס) זיך ערווערבען א לעבענסמיטעל; האבען חיונה; מאכען א לעבען.

gain upon' (גיין א-פאן') ז. *gain on*

gair'ish *a.* (געהר'-איש) בלישטשענד, גלענצענד; וואס ווארפט זיך אין די אויגען; בלענדענד העל; לייכט, לעבעדיג, לוסטיג.

gair'ishly *adv.* (געהר'-איש-לי) אויף א בלישטשענדען, גלענצענדען שטייגער; דורך ווארפען זיך אין די אויגען; מיט לייכטקייט, לעבעדיגקייט.

gait *n.* (גייט) דער גאנג [די האלטונג פון קערפער בעת'ן געהען].

gai'ter *n. and v.* (גיי'-טער) א קאמאש, א שטיפעלעט [פון טוך, וואס בעדעקט דעם אויבערשטען טייל פון שוך]; אנטהאן א קאמאש אדער שטיפעלעט.

gal. *gallon* אן אבקירצונג פון דעם ווארט

gal *n.* (געל) א מיידעל [פערוואולגאריי־זירט פון *girl*]

ga'la *n.* (גא'־לא) אזא שאטלענדישער צייג.

ga'la *n.* (גיי'־לא) א גאלא, יום־טוב׳דיג־קייט, פייערליכקייט, פאראד; יום־טוב׳דיגע קליידער.

galac'tagogue *n.* (גע־לעק'־טע־גאג) א מעדיצינישער מיטעל ארויסצורופען מילך [אין די ברוסטען].

galac'tia *n.* (גע־לעק'־טי־א) א ברוס־טען־קראנקהייט, ביי וועלכער עס פליסט די מילך אדער, פערקערט, עס פעהלט אוים מילך.

Galac'tia *n.* (גע־לעק'־טי־א) א געוויַ־סער מין קוסטען־בוימלעך מיט פעדער־פערמיגע בלעטלעך און טרויבען־ארטיגע פורפור־בלומען. וואקסט אין ווארימע גע־גענדען.

galac'tic *a.* (גע־לעק'־טיק) וואס איז שייך צו מילך, וואס קומט פון מילך; אין אסטראנאמיע — וואס איז שייך צום מילך־וועג [א ליכטיגער פאס אויף'ן הי־מעל וואס בעשטעהט פון פיעלע אונזיכט־בארע שטערען].

galac'tite *n.* (גע־לעק'־טאיט) דער גא־לאקטיט [אזא מינעראל].

galac'tocele *n.* (גע־לעק'־טא־סיעל) א קראנקהאפטע אנזאמלונג פון מילך אין די ברוסטען.

galactoden'dron *n.* (גע־לעק־טא־דענ'־דראן) דער מילך־בוים אדער קוה־בוים. ז. *cow-tree*

galac'toid *a.* (גע־לעק'־טאיד) ענהליך צו מילך.

galactom'eter *n.* (געל־עק־טאמ'־ע־טער) א מילך־מעסטער [א פארריכטונג צו מעסטען די געדיכטקייט, די פעטקייט פון מילך].


Galactometer

galactoph'agist *n.* (געל־עק־טאפ'־ע־דזשיסט) איינער וואס שפייזט זיך מיט מילך.

galactoph'agous *a.* (געל־עק־טאפ'־ע־גאס) וואס שפייזט זיך מיט מילך.

galactophori'tis *n.* (געל־עק־טאפ־א־ראי'־טיס) אן ענטצינדונג פון די מילך־דריזען [אין די ברוסטען].

galactoph'orous *a.* (געל־עק־טאפ'־א־ראס) וואס ברייגנט ארוים אדער פראדוצירט מילך.

galactopoet'ic *a.* and *n.* (גע־לעק־טא־פא־עט'־איק) ז. *galactopoietic*

galactopoiet'ic *a.* and *n.* (גע־לעק־טא־פאי־עט'־איק) וואס העלפט פערמעה־רען די מילך אין די ברוסטען; א שטאף וואס פערמעהרט די מילך אין די ברוס־טען.

galactorrhe'a *n.* (גע־לעק־טא־ריע'־א) א קראנקהאפטעס פליסען פון מילך [פון די ברוסטען].

galac'tozyme *n.* (גע־לעק'־טא־זאים) קומיס [מילך צוגעריכט מיט הייוועז, ווערט געברויכט אין רוסלאנד אלס מי־טעל געגען שווינדזוכט].

ga'la-day *n.* (גיי'־לא־דיי) א גאלא־טאג, א יום־טוב, א פייערליכער טאג.

ga'la-dress *n.* (גיי'־לא־דרעס) א יום־טוב־קלייד, א פאראדנער מלבוש.

Gala'go *n.* (גע־ליי'־גאו) דער אפריקא־נישער לעמור [אזא חיה'לע וואס האט ענהליכקייט צו א וועווערקע].

Galago

galan'ga *n.* (גע־לענ'־גא) ז. *galangal*

galan'gal *n.* (גע־לענ'־געל) גאלגאנט [אזא שמעקעדיגער ווארצעל אין כינא, ווערט געברויכט אין מעדיצין]; סיפער־גראז.

gal'antine *n.* (געל'־ענ־טין) א מין קאלטע פריקאסע [עס ווערט געמאכט פון אנגעשטאפטען היהנער אדער ציגען־פלייש אהן די ביינער, ווערט געקאכט צוזאמען מיט פערשידענע גרינסען און ווערט גע־געסען קאלטערהייד].

Gal'axy *n.* (געל'־עק־סי) אין אסטרא־נאמיע — דער מילך־וועג [א ליכטיגער פאס אויף'ן הימעל וואס בעשטעהט פון פיעלע אונזיכטבארע שטערען]. ז. *Milky Way*

gal'axy *n.* (געל'־עק־סי) א גלענצענדע פערזאמלונג [פון פראמינענטע מענשען]; א גלענצענדע זאמלונג [פון שעהנע זא־כען].

gal'ban *n.* (געל'־בען) ז. *galbanum*

gal'banum *n.* (געל'־בע־נאם) גאלבאן אדער מוטער־הארץ [א מין גומי וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין].

gale *n.* (גייל) א שטארקער לופט־שטראם; א ווינד; א לופט־צוג אנגעפילט מיט ריחות; א שטארקע, רעש׳יגע אויפ־רעגונג; דער גאגעל, די וואקסבעערע [אזא קוסט]; א פעריאדישע אבצאהלונג, א ראטע [אין ענגלאנד].

ga'lea *n.* (גיי'־לי־א) א העלם, א קאפ־פאנצער; עטוואס וואס איז ענהליך צו א קאפ־פאנצער; א קאפ־וועהטאג [וואס מען פיהלט אין גאנצען קאפ]; א קאפ־באנדאזש.

gal'eas *n.* (געל'־אי־עס) ז. *galleass*

ga'leate *a.* (גיי'־לי־אייט) בעדעקט מיט א העלם אדער א קאפ־פאנצער אדער מיט עטוואס וואס איז ענהליך צו א קאפ־פאנ־צער; ענהליך צו א קאפ־פאנצער.

ga'leated *a.* (גיי'־לי־איי־טעד) ז. *galeate*

gale'na *n.* (גע־לי'־נא) בליי־גלאנץ [אזא מינעראל]; א געגען־גיפט.

galen'ic *a.* (גע־לענ'־איק) וואס איז שייך צו בליי־גלאנץ [אזא מינעראל]; וואס איז שייך צו א געגען־גיפט; וואס ענט־האלט בליי־גלאנץ אדער א געגען־גיפט.

galen'ical *a.* (גע־לענ'־אי־קעל) ז. *galenic*

gale'nite *n.* (גע־לי'־נאיט) בליי־גלאנץ. ז. *galena*

gale'ra *n.* (גע־לי'־רא) א טאאירא [אזא חיה. ז. *taira*]; ביי די אלטע רוימער — אזעלכע פארוקען אדער אזעלכע לעדערנע היטלען.

galeric'ulate *a.* (געל־אי־ריק'־יו־לייט) בעדעקט ווי מיט א העלם אדער ווי מיט א קאפ־פאנצער.

galeric'ulum *n.* (געל־אי־ריק'־יו־לאם) אין אלטען רוים — א פארוק.

gale'rum *n.* (גע־לי'־ראם) אין אלטען רוים — א פארוק אדער א לעדערן היטעל.

gale'rus *n.* (גע־לי'־ראס) ז. *galerum*

Gali'cian *a.* and *n.* (גע־ליש'־יען) וואס איז שייך צו גאליציא [א שפאנישע פראווינץ, וועלכע איז אמאל געווען א זעלבסטשטענדיג קעניגרייך] אדער צו גא־ליציען [אין עסטרייך־אונגארן]; א גא־ליציאנער [פון גאליציען].

Galile'an *a.* and *n.* (געל־אי־לי'־אען) וואס איז שייך צו גליל [אין צפון פון ארץ ישראל]; וואס איז שייך צום אי־טאליענישען מאטעמאטיקער און נאטור־פילאזאף גאליליי [געבוירען אין 1564, געשטארבען אין 1642]; אן איינוואוהנער פון גליל; אין דער אידישער געשיכטע — איינער וואס איז געווען געגען דעם, מען זאל צאהלען מס דעם רוימישען קיסר אוי־גוסטוס; א גאלילעער, א קריסט, אן אנ־הענגער פון קריסטוס׳ען [אזוי פלעגען די אמאליגע אידען מיט פעראכטונג רופען די קריסטען].

gal'ilee *n.* (געל'־אי־ליע) אזא פאדער־צימער אין אייניגע קלויסטערים אין מי־טעלאלטער.

galima'tias *n.* (געל־אי־מיי'־שיעס) א גאלימאטיע, אן אונזיניגע פלוידעריי, א פלוידעריי וואו עס קלעפט זיך נים א ווארט צו א ווארט; אן אונזיניגער מיש־מאש.

gal'ingale *n.* (געל'־אינ־גייל) ז. *galangal*

gal'iot *n.* (געל'־אי־אט) א גאליאט [אזא שיף וואס איז געווען אין געברויך אין די אלטע צייטען].

gal'ipot *n.* (געל'־אי־פאט) די ווייסע טערפענטין־גומי אויף דער קארע פון סאס־נע־בוימער [פיכטען־בוימער].

gall *n.* and *v.* (גאהל) גאל; דער גאל־בייטעל; ביטערקייט, ערגערניש, צארן, האס; א קראצ, א ריס, א וואונד [אויף דער הויט]; א פלעק, אויף וועלכען עס קען נאר נים וואקסען [הויפטזעכליך א נידריגער, צושווינקטער פלעץ]; אן אנ־וואוקס אויף פלאנצען און אויף׳ן קערפער פון חיות וואס קומט דערפון וואס אן אינ־זעקט האט דארט געלעגט אן איי; אב־רייבען, אבקראצען; אויפרייצען, ערגערען, פערביטערען, פערגאלען; מאכען פערבי־טערטע בעמערקונגען; ווערען געערגערט; ווערען אבגעריבען; אריינגיסען גאל.

gal'lant *a.*, *n.* and *v.* (געל'־ענט) גא־לאנט, גלענצענד, שעהן, פראנטיש; מו־טיג, העלדיש, בראוו; עהרענהאפט, גרויס־מוטיג; ריטערליך; העפליך [הויפטזעכ־ליך צו פרויען]; ליידענשאפטליך, וואס יאגט זיך נאך פרויען; א גאלאנטער מענש; א פראנט; א העפליכער מענש [הויפטזעכ־ליך צו פרויען]; איינער וואס לויפט נאך פרויען; מאכען גאלאנט; זיך ליעבען, זיך ערקלערען אין ליעבע.

gallant' *a.*, *n.* and *v.* (גע־לענט') גא־לאנט, העפליך [הויפטזעכליך צו פרוי־ען]; ליידענשאפטליך, וואס יאגט זיך נאך פרויען; א פרויען־נאכלויפער; בעהאנד־לען גאלאנט [הויפטזעכליך פרויען]; זיך ליעבען, זיך ערקלערען אין ליעבע.

gal'lantly *adv.* (געל'־ענט־לי) מיט העל־דישקייט; מיט מוטה; מיט נאבעלקייט.

gal'lantness *n.* (געל'־ענט־נעס) דאס זיין גאלאנט; העלדישקייט; עדעלמוטה.

gal'lantry *n.* (געל'־ענט־רי) גאלאנט־קייט; העלדישקייט; מוטה; דאמען־העפ־ליכקייט.

gall′-blad′der *n.* (גאהל׳-בלעד׳-ער) דער גאל־בלאז.
ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

gall′-duct *n.* (גאהל׳-דאקט) דער גאל־קאנאל [דער קאנאל וואס פיהרט פון לעבער צום גאל־בלאז].
ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

gal′leass *n.* (געל׳-אי-עס) א גרויסע רודער־שיף מיט דריי מאסטען בעוואפענט מיט הארמאטען, וועלכע פלעגט אמאל בענוצט ווערען פאר רייזען אין דעם מיטעלענדישען ים.

galled *a.* (גאהלד) אבגעריבען, אויסגעריבען; אנגעריבען [וואונדען].

galled horse (גאהלד הארס) אן אנגעריבען פערד [א פערד וואס האט אנגעריבענע וואונדען].

gal′leon *n.* (געל׳-אי-אן) א מין גרויסע בעוואפענטע שיף, וועלכע די שפאניער פלעגען אמאל בענוצען אין זייער האנדעלס־פערקעהר מיט זיד־אמעריקא.

gal′leried *a.* (געל׳-ע-ריד) וואס האט א גאלעריע.

gal′lery *n.* (געל׳-ע-רי) א גאלעריע; א דורכגאנג, א קארידאר; אן אונטעראירדישער דורכגאנג; א צימער אדער געביידע וואו עס זיינען אויסגעשטעלט קונסטווערק [ווי בילדער, סטאטועז א. ד. ג.]; די טעאטער־בעזוכער וואס זיצען אויף דער גאלעריע [די גאליארקע].

gal′lery-pic′ture *n.* (געל׳-ע-רי-פיק׳-טשור) א בילד וואס איז צו גרויס צו שטעלען אין א געוועהנליכען צימער און דארף געשטעלט ווערען אין א בילדער־גאלעריע.

gal′ley *n.* (געל׳-אי) א ים־שיף וואס ווערט געטריבען מיט רודערס אדער מיט זעגעל און רודערס; א גרויסע אפענע בארזשע; א שיפסקיך; א שופלע [אזא לאנג, פלאך און שמאל קעסטעל אפען פון איין זייט, וואס שריפטזעצער בענוצען ארויפצושטעלען די אויפגעזעצטע דרוק־שריפט].



Galley

Printers' Galley

gal′ley-bird *n.* (געל׳-אי-בוירד) דער האלץ־פיקער [אזא פויגעל וואס פיקט אויס לעכער אין בוימער].

gal′ley-press *n.* (געל׳-אי-פרעס)
ז. ***proof-press***

gal′ley-slave *n.* (געל׳-אי-סלייוו) א צוואנגס־ארבייטער, א קאטארזשניק.

gal′ley-work *n.* (געל׳-אי-הוואירק) טעפעריי.

gall′-fly *n.* (גאהל׳-פלאי) די גאל־פליעג [אזא פליעג וועלכע פעראורזאכט אזעלכע געשווילעכצען אויף פלאנצען].

Gal′lic *a.* (געל׳-איק) גאליש, אלט־פראנצויזיש; וואס איז שייך צו די גאלען אדער פראנצויזען.

gal′lic *a.* (געל׳-איק) וואס איז געמאכט פון גאלעש־ניס [אזא זארט ניס פון וועלכע מען מאכט שווארצע טינט].

gal′lic ac′id (געל׳-איק עס׳-איד) גאל־זויערע [אזא ארגאנישע כעמישע זויערע וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין און אין דער פאבריקאציאן פון טינט].

Gal′lican *a.* (געל׳-אי-קען) גאליקאניש, פראנצויזיש.

Gal′lican Church (געל׳-אי-קען טשוירטש) די גאלישע קירך [די רוימיש־קאטוילישע קירך אין פראנקרייך, וועלכע האט מעהר פריווילעגיעס און מעהר אונאבהענגיגקייט פון פאפסט׳ס מאכט ווי די קאטוילישע קירך פון אנדערע לענדער].

Gal′licanism *n.* (געל׳-אי-קען-איזם) די פרינציפען פון דער נאציאנאלער פארטיי אין פראנקרייך אין 17טען יאהרהונדערט, וועלכע האבען בעשרענקט די אבזאלוטע מאכט פון פאפסט אין דער קאטוילישער קירך פון פראנקרייך.

Gal′licè *adv.* (געל׳-אי-סי) אויף א פראנצויזישען אופן.

Gal′licism *n.* (געל׳-אי-סיזם) גאליציזם, דער געברויך פון פראנצויזישע אויסדריקע און רעדע־ווענדונגען.

Gal′licize *v.* (געל׳-אי-סאיז) פראנצויזיש מאכען, פערוואנדלען אין פראנצויזיש.

galligas′kins *n.* (געל-אי-געס׳-קינז) אזא פאסאן הויזען, וועלכע מען פלעגט טראגען אין זעכצעהנטען יאהרהונדערט; פלודערען, ברייטע הויזען; יאגד אדער רייט־קאמאשען [אזעלכע שטיוועלטען אדער כאלעוועס].

Gallina′ceæ *n.* (געל-אי-ניי׳-סי-אי) דער מין פויגלען צו וועלכען עס געהערען די הויז־געפליגעל [הויז־עופות], ווי היהנער, גענז, קאטשקעס, אינדיקעס א. ד. ג.

gallina′cean *a. and n.* (געל-אי-ניי׳-שען) וואס איז שייך צו הויז־געפליגעל; אן עוף.

gallina′ceous *a.* (געל-אי-ניי׳-שיאס) וואס האט דעם כאראקטער פון הויז־עופות.

Galli′næ *n.* (גע-לאי׳-ניע)
ז. ***Gallinaceæ***

Gallina′go *n.* (געל-אי-ניי׳-גאו) דער מין פויגלען צו וועלכע עס געהערען די וואלדשנעפען [דיעזע פויגלען צייכנען זיך אויס מיט זייער לאנגען, דינעם און גראדען שנאבעל].

gall′ing *a.* (גאהל׳-אינג) פערגאלענד, פערביטערענד, ערגערענד, אויפרייצענד, דערצארנענד.

gall′ingly *adv.* (גאהל׳-אינג-לי) אויף א גאלינען, פערביטערענדען אופן; אויפרייצענדיג, ערגערענדיג, דערצארנענדיג.

gall′ingness *n.* (גאהל׳-אינג-נעס) דאס זיין גאליג אדער ערביטערענד; דאס זיין אויפרייצענד אדער דערצארנענד.

gal′linipper *n.* (געל׳-אי-ניפ-ער) אזא גרויסער קאמאר [מוק].

gall′-in′sect *n.* (גאהל׳-אינ׳-סעקט) אזא אינזעקט וואס פעראורזאכט קליינע געשווילעכצען אויף פלאנצען אדער טהיערע.

gal′linule *n.* (געל׳-אי-ניול) די וואסער־הוהן [אזא הוהן וואס לעבט אין די זומפיגע ערטער ביים ברעג ים].



Gallinule

Gal′lio *n.* (געל׳-אי-או) איינער וואס איז גלייכגילטיג אין רעליגיעזע זאכען.

gal′liot *n.* (געל׳-אי-אט) ז. ***galiot***

gal′lipot *n.* (געל׳-אי-פאט) אזא קליינער אפטעקארסקער נעפעס צו האלטען מעדיצין; דער טערפענטין־גומי אויף סאסנעס [פיכטען־בוימער].

gal′lium *n.* (געל׳-אי-אם) גאליום [א כעמישער גרונד־עלעמענט פון די מעטאלען].

gallivant′ *v.* (געל-אי-וועגט׳) פערברייגגען אדער זוכען צו פערברייגגען לוסטיג די צייט אין דאמען־געזעלשאפט; זיך יאגען נאך דאמען־געזעלשאפט.

gal′livat *n.* (געל׳-אי-וועט) א גרויס צוויי־מאסטיג רודער־שיפעל וואס פלעגט בענוצט ווערען אין אסט־אינדיען.

gall′nut *n.* (גאהל׳-נאט) א גאלעש־נוס [אזא נוס פון וועלכען מען מאכט שווארצע טינט].

Gal′lo-Amer′ican *a. and n.* (געל׳-א-מער׳-אי-קען) פראצויזיש־אמעריקאניש; א פראנצויז וואס האט זיך בעזעצט אין אמעריקא אדער איז געווארען אן אמעריקאנער בירגער.

Gal′lo-Ger′man *a. and n.* (געל׳-א-דזשויר׳-מען) פראנצויזיש־דייטש; א פראנצויז וואס איז געבארען אין דייטשלאנד; איינער וואס שטאמט אב פון דייטשע און פראנצויזישע עלטערען.

Galloma′nia *n.* (גע-לא-מיי׳-ני-א) גאלאמאניע, א בלינדע איבערגעבענהייט צו אלעם וואס איז פראנצויזיש.

Galloma′niac *n.* (געל-א-מיי׳-ני-עק) איינער וואס איז א שטארקער פאנאטישער אנהענגער פון פראנקרייך און פון דער פראנצויזישער שפראך און זיטען.

gal′lon *n.* (געל׳-אן) אן ענגלישע און אמעריקאנער מאס פאר פליסיגקייטען, וועלכע ענטהאלט 4 קווארט.

galloon′ *n.* (גע-לוהן׳) א גאלוין; א טאשמע, א בעזאץ, א בארט.

gallooned′ *a.* (גע-לוהנד׳) בעפוצט מיט גאלוינען.

gal′lop *v. and n.* (געל׳-אפ) גאלאפירען, שפרינגען, לויפען; לאזען לויפען גאלאפ; א גאלאפ; א גאלאפ־רייטען; א שפרונג; א גאלאפ־טאנץ.

gallopade′ *n. and v.* (געל-א-פייד׳) א גאלאפ אין דער רונד פון א פערד אין א צירקוס; א גאלאפ; גאלאפירען; לויפען; טאנצען א גאלאפ־טאנץ.

gal′loper *n.* (געל׳-אפ-ער) א גאלאפירענד פערד; איינער וואס גאלאפירט, וואס לויפט אדער שפרינגט; א קליינער הארמאט; א לייכטער הארמאט־וואגען.

gal′loper-gun *n.* (געל׳-אפ-ער-גאן) א קליינער הארמאט.

Gal′lophile *n.* (געל׳-א-פיל) א פריינד פון פראנקרייך; איינער וואס איז פריינדליך צו די פראנצויזען.

Gal'lophobe *n.* (געל'-א-פאוב) א שונא פון פראנקרייך און פון די פראנצויזען.

Gallopho'bia *n.* (געל-א-פאו'-בי-א) די שנאה צו פראנקרייך און צו די פראנצויזען.

gal'loping *n. and a.* (געל'-אפ-אינג) דאס גאלאפירען, דאס לויפען גאלאפ; גאלאפירענד; וואס לויפט שנעל, וואס פראגרעסירט שנעל.

gal'loping consump'tion (געל'-אפ-אינג קאנ-סאמפ'-שאן) גאלאפירענדע שווינדזוכט [שווינדזוכט וואס ענטוויקעלט זיך זעהר שנעל].

gal'loway *n.* (געל'-א-הוויי) א מין קליין פערד.

gal'lows *n. and adv.* (געל'-אז) א גאלגען, א תליה; א געשטעל פאר ארבייטער ביים בויען אדער רעפארירען א געביידע; אונגעהייער; זעהר.

gal'lows-bird *n.* (געל'-אז-בוירד) א חברה-מאן וואס פערדיענט געהאנגען צו ווערען; איינער וועלכען מען האט געהאנגען.

gal'lows-bitts *n.* (געל'-אז-ביטס) א פאר שטארקע דעמבענע ראהמען געמאכט אין דער פארם פון א תליה, צווישען וועלכע עס ווערט פערפעסטיגט דער מאסט אויף א שיף.



Gallows-bitts

gal'lows-free *a.* (געל'-אז-פריע) פריי פון גאלגען, פריי פון הענגען.

gal'lows-tree *n.* (געל'-אז-טריע) א תליה.

gall'-pipe *n.* (גאהל'-פאיפ) ז. *gall-duct*.

gall'-sick'ness *n.* (גאהל'-סיק'-נעס) געלזוכט-פיעבער [א מין שוואכער פיעבער וועלכער קומט מייסטענס פאר אין האלאנד].

gall'-stone *n.* (גאהל'-סטאון) גאל-שטיין.

Gal'lus *n.* (געל'-אס) אזא מין פויגלען וועלכע זיינען ענליך צו הויז-היהנער; א פריסטער פון דער געטין סיבעלע [די געטין פון דער נאטור אדער די מוטער פון די געטינס] אין אלטען רוים.

gall'y *a.* (גאהל'-אי) גאליג, ביטער ווי גאל; מיט פלעצער אויף וועלכע קיין זאך וואקסט ניט.

galoche' *n.* (גע-לאש') א קאלאש; אן אויבערשוך.

gal'op *n.* (געל'-אפ) א גאלאפ [א מין טאנץ]; מוזיק פאר אזא טאנץ, גאלאפ-מוזיק.

galopade' *n.* (געל-א-פייד') ז. *galop*

galore' *adv.* (גע-לאור') פיעל, אין איבערפלוס, אהן א שיעור.

galosh' *n. and v.* (גע-לאש') א קאלאש; אן אויבערשוך; בעזארגען מיט אן אויבערשוך.

galt *n.* (גאהלט) [ליים פון וועלכע מען מאכט ציעגעל] ליים-ערד.

Galto'nian *a.* (גאהל-טאו'-ני-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען געלעהרטען פראנסיס גאלטאן אדער צו זיינע אנטראפאלאגישע לעהרען איבער די אייגענשאפטען פון מענשליכען כאראקטער, וואס גיבען זיך איבער בירושה פון די עלטערען צו די קינדער.

gal'ty *a.* (גאהל'-טי) ליימיג.

galvan'ic *a.* (געל-ווענ'-איק) גאלוואניש, וואס געהערט צו גאלוואניזם אדער צו אן עלעקטרישען שטראם וואס קומט פון א כעמישער באטעריי. ז. *galvanism*

galvan'ical *a.* (געל-ווענ'-אי-קעל) ז. *galvanic*

galvan'ic bat'tery (געל-ווענ'-איק בעט'-ע-רי) א גאלוואנישע באטעריי [אן עלעקטרישע באטעריי וואס בעשטעהט פון א צייל צונויפגעשטעלטע קופערנע און צינקענע פלאטען וועלכע ווערען געלעגט אבוועקסלענד איינע איבער די אנדערע מיט שטיקלעך פאפיער איינגענעצט אין וועלכער עס איז זויערע צווישען זיי].

galvan'ic cur'rent (געל-ווענ'-איק קאר'-ענט) א גאלוואנישער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם וואס ווערט ערהאלטען פון א גאלוואנישער באטעריי].

galvan'ic pile (געל-ווענ'-איק פאיל) א גאלוואנישע זייל. ז. *galvanic battery*

galvanisa'tion *n.* (געל-ווע-ני-זיי'-שאן) ז. *galvanization*

gal'vanise *v.* (געל'-ווע-נאיז) ז. *galvanize*

gal'vanism *n.* (געל'-ווע-ניזם) גאלוואניזם, דער טייל פון עלעקטריציטעט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם עלעקטרישען שטראם, וועלכער קומט פון כעמישע ווירקונגען, ווי פון דער בעריהרונג פון מעטאלען מיט זויערע א. ד. ג.; אן עלעקטרישער שטראם וואס קומט פון א כעמישער ווירקונג.

gal'vanist *n.* (געל'-ווע-ניסט) א קענער פון גאלוואניזם. ז. *galvanism*

galvaniza'tion *n.* (געל-ווע-ני-זיי'-שאן) דאס גאלוואניזירען, דאס שטעלען אונטער דער ווירקונג פון אן עלעקטרישען גאלוואנישען שטראם; דאס זיין גאלוואניזירט.

gal'vanize *v.* (געל'-ווע-נאיז) גאלוואניזירען; שטעלען אונטער דער ווירקונג פון אן עלעקטרישען גאלוואנישען שטראם; קינסטליך אדער מעכאניש בעלעבען, צוגעבען קינסטליכע ענערגיע; בעדעקען מיט א מעטאל-שיכט דורך דער הילף פון א גאלוואנישען שטראם [ווי בעדעקען מיט גאלד, זילבער א. ד. ג.].

gal'vanized i'ron (געל'-ווע-נאיזד אי'-ערן) צינק-בלעך, אייזען-בלעך בעדעקט מיט צין דורך דער הילף פון גאלוואנישער עלעקטריציטעט און נאכהער איינגעטונקט אין א וואנע פון געשמאלצענעם צינק.

gal'vanizer *n.* (געל'-ווע-נאי-זער) איינער אדער עטוואס וואס גאלוואניזירט.

galvanocaus'tic *a.* (געל-ווע-נאו-קאהס'-טיק) וואס איז שייך צום אויסברענען א וואונד דורך אן עלעקטרישען שטראם.

galvanocauteriza'tion *n.* (געל-ווע-נאו-קאה-טע-רי-זיי'-שאן) דאס אויסברענען א וואונד מיט דער הילף פון אן עלעקטרישען שטראם.

galvanochem'ical *a.* (געל-ווע-נא-קעמ'-אי-קעל) גאלוואנא-כעמיש, וואס איז שייך צו דער כעמישער ווירקונג פון א גאלוואנישען [עלעקטרישען] שטראם.

galvanol'ogist *n.* (געל-ווע-נאל'-א-דזשיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט דעם שטודיום פון גאלוואנישער עלעקטריציטעט.

galvanol'ogy *n.* (געל-ווע-נאל'-א-דזשי) די לעהרע פון גאלוואניזם. ז. *galvanism*

galvanom'eter *n.* (געל-ווע-נאמ'-ע-טער) א גאלוואנאמעטער, אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שטארקייט און די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם.



Galvanometer

galvanomet'ric *a.* (געל-ווע-נא-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א גאלוואנאמעטער, וואס איז שייך צו דער מעסטונג פון אן עלעקטרישען שטראם דורך א גאלוואנאמעטער. ז. *galvanometer*

galvanomet'rical *a.* (געל-ווע-נא-מעט'-רי-קעל) ז. *galvanometric*

galvanom'etry *n.* (געל-ווע-נאמ'-ע-טרי) גאלוואנאמעטריע, דאס מעסטען די שטארקייט און די ריכטונג פון עלעקטרישע שטראמען.

galvanoplas'tic *a.* (געל-ווע-נא-פלעס'-טיק) גאלוואנאפלאסטיש, וואס איז שייך צו דער רעפראדוצירונג פון פיגורען דורך גאלוואניזם. ז. *galvanoplasty*

galvanoplas'tic proc'ess (געל-ווע-נא-פלעס'-טיק פראס'-עס) דער גאלוואנאפלאסטישער פראצעס, דער פראצעס ווי עס ווערען אראבגענומען קאפיעס פון פיגורען דורך א גאלוואנישען שטראם [דאס מאדעל פון דער פיגור ווערט געמאכט פון גיפס אדער פון אן אנדער מאטעריאל און נאכדעם ווען עס ווערט דורך א גאלוואנישען שטראם בעדעקט מיט מעטאל, ווי בראנז א. ד. ג. ווערט דאס מאדעל ארויסגענומען און עס בלייבט א פיגור וואס איז אינוועניג פוסט].

galvanoplas'tics *n.* (געל-ווע-נא-פלעס'-טיקס) ז. *galvanoplasty*

galvanoplas'ty *n.* (געל-ווע-נא-פלעס'-טי) גאלוואנאפלאסטיק, די קונסט צו רעפראדוצירען אדער אראבצונעהמען קאפיעס פון פיגורען אין מעטאל דורך גאלוואנישער עלעקטריציטעט [ווי דאס ווערט געמאכט ביי בראנז-פיגורען].

galvanopla'ter *n.* (געל-ווע-נא-פליי'-טער) איינער וואס מאכט סטערעאטיפישע אדער עלעקטראטיפישע פלאטען דורך דער הילף פון גאלוואנאפלאסטיק. ז. *galvanoplastic*

galvan'oscope *n.* (געל-ווענ'-א-סקאופ) א גאלוואנאסקאפ, אן אינסטרומענט אויסצוגעפינען די עקזיסטענץ פון אן עלעקטרישען שטראם און זיין ריכטונג [אן

NORTH AMERICAN GAME BIRDS

Mallard Duck (Anas Boschas)

American Golden Plover (Charadrius Dominicu

Green-winged Teal (Anas Carolinensis)

Woodcock (Philohela Minor)

Spruce Grouse (Derdragapus Canadensis

Greater Y

Blue-winged Teal (Anas Discors)

Canvasback Duck (Aythya Vallisneria)

נאָרד־אמעריקאנישע געיעג־פויגלען.



Ring-necked Pheasant (**Phasianus Torquatus**)

Wood Duck (**Aix Sponsa**)

Wilson's Snipe (**Gallinago Media**)

legs Snipe (**Totanus Melanoleucus**)

Ruffed Grouse (**Bonasa Umbellus**)

King Rail (**Rallus Elegans**)

Quail (**Colinus Virginianus**)

איינפאַכע שוועבענדע עלעקטרישע נאָדעלען בענוצט ווערען אַלס אַ גאַלוואַנאָסקאָפּ].

galvanoscop'ic *a.* (געל-וועַ-נאָ-סקאָפּ'-איק) וואָס איז שייך צו אַ גאַלוואַנאָסקאָפּ. ז. ***galvanoscope***

gal'vano-thermom'eter *n.* (געל'-וועַ-נאָו-טהער-מאָמ'-ע-טער) אַן אַפּאַראַט וואָס ווערט בענוצט צו מעסטען די וואַרימקייט וואָס אַן עלעקטרישער שטראָם פּראָדוצירט.

gamb *n.* (געמב) דער פוס; די פּאָלקע.

gambade' *n.* (געמ-בייד') אַ מין שטיוולעט אָדער כאָלעווע אויף'ן פוס, וואָס ווערט בענוצט ביים רייטען.

gamba'do *n.* (געמ-ביי'-דאָו) ז. ***gambade***

gam'bit *n.* (געמ'-ביט) — אין שאָך-שפּיעל — אַ גאַמביט [דאָס אָבגעבען אַ סאָלדאַט (אַ פּעשקע) אָדער אַן אַנדער פיגור ביים אָנהויב שפּיעל, מיט דעם ציעל צו מאַכען שפּעטער אַ שטאַרקערע אַטאַקע אויף דעם געגנער].

gam'ble *v.* (געמבל) שפּיעלען אין געלד; שפּיעלען אַזאַרט אין קאָרטען; ריזיקירען פיעל אין שפּיעל; שפּעקולירען אויף דער בערזע; פערשווענדען פיעל געלד אין קאָרטען-שפּיעל א. ד. ג.; אַן אַזאַרט-שפּיעל; דאָס ריזיקירען פיעל אין שפּיעל.

gam'bler *n.* (געמ'-בלער) איינער וואָס שפּיעלט אַזאַרט אין געלד; איינער וואָס ריזיקירט פיעל אָדער שטעלט פיעל אויף דער קאָרט ביים שפּיעלען.

gam'bling *n.* (געמ'-בלינג) דאָס שפּיעלען אַזאַרט; דאָס איינשטעלען פיעל אין קאָן; דאָס ריזיקירען פיעל אין שפּיעלען.

gam'bling-hell *n.* (געמ'-בלינג-העל) ז. ***gambling-house***

gam'bling-house *n.* (געמ'-בלינג-האַוס) אַ שפּיעלהויז, אַ הויז וואו מען שפּיעלט אין געלד [ווי אין קאָרטען-שפּיעל א. ד. ג.].

gam'bling-tray *n.* (געמ'-בלינג-טריי) אַ גרויסע טאַץ פון געפלאָכטענע ריטלעך, אויף וועלכער די אינדיאַנער פון צפון-אַמעריקאַ וואַרפען די ביינדלעך אין ביינדעל-שפּיעל.

gam'bol *v. and n.* (געמ'-באָל) שפּרינגען; שפּיעלען; שפּאַסען; אַ לוסטיגער שפּרונג; אַ שפּאַס.

gam'brel *n. and v.* (געמ'-ברעל) דאָס געלענק פון דעם הינטערשטען פוס פון אַ פערד און אַנדערע חיות; ביי קצבים — אַ שפּער-האָלץ [אַ שטיק האָלץ אויסגעבויגען ווי אַ פערד'ס פוס, אויף וועלכען מען הענגט אויף אַ געקוילעטע בהמה, בעת מען בעאַרבייט זי]; אַ געבראָכענער דאַך [ז. ***curb-roof***]; אויפהענגען אַ געקוילעטע בהמה אויף אַ שפּער-האָלץ; מאַכען אַ געבראָכענעם דאַך.

gam'brel-roof *n.* (געמ'-ברעל-רוהף) אַ געבראָכענער דאַך. ז. ***curb-roof***

game *n., a. and v.* (גיים) דאָס שפּיעל; לוסטיגקייט; צייט-פערטרייב; שפּאַס; אַ שפּיעל, אַ שפּיעל-פּאַרטיי; דער געווין [אין שפּיעל]; אַן אינטריגע, אַ פּראָיעקט, אַ פּלאַן; די יאַגד; דאָס ווילד [ווילדע חיות אָדער עופות וואָס זיינען געשאָסען געוואָרען אין יאַגד]; אַ קאַמפּף-האָהן וואָס ווערט געברויכט אין אַ וועט-קאַמפּף; וואָס איז שייך צו ווילדע חיות, וועלכע מען שיסט אין יאַגד; מוטיג, העלדיש; וואָס האָט אַ פערלאַנג אָדער ווילען צו טהאָן עפּעס; קרום; ווי אַ קאַליעקע; שפּיעלען אין געלד; ריזיקירען אָדער שטעלען פיעל אין קאָן.

game'-bag *n.* (גיימ'-בעג) אַ יאַגד-טאַש, אַ יאַגד-זאַק [אין וועלכען אַ יעגער טראָגט די חיות אָדער עופות וואָס ער האָט געטויטעט].

game'-bird *n.* (גיימ'-בוירד) אַ געיעג-פויגעל [איינע פון די מינים פויגלען, אויף וועלכע מען געהט אויף געיעג].

game'-cart *n.* (גיימ'-קאַרט) אַ לייכט וועגעל, אין וועלכען מען פלעגט אַמאָל פיהרען די הינד צום יאַגד-פּלאַץ. איצט ווערט עס געברויכט צום פאָהרען.

game'-cock *n.* (גיימ'-קאָק) אַ קאַמפּף-האָהן [אין צירק, וואו מען שטעלט אַרויס העהנער צו שלאָגען זיך און מען וועט זיך אויף זיי].

game'ful *a.* (גיימ'-פול) לוסטיג, לעבעדיג, ריהרעוודיג; פול מיט חיות אָדער עופות אויף וועלכע מען געהט אין געיעג.

game is up (גיים איז אַפּ) די יאַגד האָט זיך אָנגעפאַנגען; דער פּלאַן איז דורכגעפאַלען.

game'keeper *n.* (גיימ'-קיע-פּער) אַ היטער פון חיות און עופות, אויף וועלכע מען געהט אויף יאַגד.

game'-laws *n.* (גיימ'-לאָהז) געזעצען וועגען יאַגד.

game'-leg *n.* (גיימ'-לעג) אַ הינקעדיגער פוס.

game'ness *n.* (גיימ'-נעס) ענטשלאָסענהייט; מוטיגקייט; דרייסטקייט.

game of chance (גיים אָוו טשענס) אַ שפּיעל וואָס איז אָבהענגיג פון גליק אָדער מזל [ווי ווערפעל-שפּיעל אָדער קאָרטען-שפּיעל].

game'-pie *n.* (גיימ'-פּאַי) אַ פּיראָג אָדער פּאַשטעט געפילט מיט פלייש פון חיות וואָס זיינען דערשאָסען געוואָרען אויף געיעג.

game'-preserve' *n.* (גיימ'-פּרי-זוירוו') אַ וואַלד אָדער פּאַרק פול מיט געיעג-טהיערע, וועלכע מען האַלט פאַר ספּאָרט.

game'-preser'ver *n.* (גיימ'-פּרי-זויר'-ווער) אין ענגלאַנד — איינער וועלכער האָט אַן אייגענעם אָדער געדונגענעם וואַלד, וואו קיינעם איז ניט ערלויבט צו שיסען פויגלען אָדער חיות און נור ער אַליין געהט דאָרט אויף געיעג.

game'some *a.* (גיימ'-סאָם) שפּיעלעריש, לוסטיג, שערצהאַפט.

game'somely *adv.* (גיימ'-סאָם-לי) אויף אַ לוסטיגער, שערצהאַפטער אַרט.

game'someness *n.* (גיימ'-סאָם-נעס) לוסטיגקייט; שערצהאַפטיגקייט, שפּיעלעריי.

game'ster *n.* (גיימ'-סטער) אַ קאָרטען-שפּיעלער, אַ קאָרטיאָזשניק.

game'stress *n.* (גיימ'-סטרעס) אַ קאָרטען-שפּיעלערין.

gam'ete *n.* (געמ'-איט) אין ביאָלאָגיע — אַ גאַמעט אָדער אַן איינפאַכע צעלע וואָס פעראייניגט זיך מיט אַ צווייטער צעלע, כדי אויסצובילדען אַ זיגאָספּאָרע [איינע פון די קלענסטע און איינפאַכסטע בעשעפענישען].

game to the last (גיים טו טהי לעסט) אויסגעהאַלטען ביז צו לעצט.

ga'ming *n.* (גיי'-מינג) דאָס שפּיעלען אַזאַרט [אין געלד].

ga'ming-debt *n.* (גיי'-מינג-דעט) אַ קאָרטען-שולד, אַ חוב וואָס מען איז געבליבען שולדיג ביים שפּיעלען אין קאָרטען.

ga'ming-house *n.* (גיי'-מינג-האַוס) אַ שפּיעל-הויז [דאָס הויז וואו מען שפּיעלט אין קאָרטען און אַנדערע אַזאַרטע שפּיעלען].

ga'ming-room *n.* (גיי'-מינג-רוהם) אַ שפּיעל-צימער, אַ צימער וואו מען שפּיעלט אין קאָרטען און אַנדערע אַזאַרטע שפּיעלען.

ga'ming-ta'ble *n.* (גיי'-מינג-טיי'בל) אַ טיש וואָס ווערט בענוצט צו שפּיעלען אין קאָרטען א. ד. ג.

gam'ma *n.* (געמ'-אַ) די גאַמאַ, די סקאַלאַ. ז. ***gamut***

gam'mer *n.* (געמ'-ער) אַן אַלטע פרוי; אַ באָבע.

gam'mon *n. and v.* (געמ'-אָן) שינקען, געריוכערטע שווינען-פּאָלקע; דאָס געווינען דעם קאָן אין טריקטראַק-שפּיעל; אַ שווינדלעריש שפּיעל, אַן אָבנאַרעריי; שפּיעלען אַ ראָלע, מאַכען אַן אָנשטעל; חוזק מאַכען, זיך וויצלען; אָרייננאַרען; געווינען דעם קאָן אין טריקטראַק-שפּיעל; ריוכערען שווינען-פלייש אָדער שינקען; בעפעסטיגען צום פאַר-מאַסט [פון אַ שיף].

gam'moning *n.* (געמ'-אָנ-אינג) דאָס בעפעסטיגען צום פאַר-מאַסט [פון אַ שיף].

gamogen'esis *n.* (געמ-אָ-דזשענ'-ע-סיס) האָמאָגענעזיס [די פערמעהרונג אָדער פרוכפּערונג פון אָרגאַניזמען דורך דער פּאָרונג אָדער צוזאַמענלעבען פון ביידע געשלעכטער].

gamopet'alous *a.* (געמ-אָ-פּעט'-ע-לאָס) אין באָטאַניק — ביי וועלכע דאָס בלומען-קריינדעל בעשטעהט פון צונויפגעוואַקסענע בלעטלעך.

gamophyl'lous *a.* (געמ-אָ-פיל'-אָס) אין באָטאַניק — ביי וועלכע די בלעטלעך אַרום דער בלום זיינען צונויפגעוואַקסען.

gamosep'alous *a.* (געמ-אָ-סעפּ'-ע-לאָס) אין באָטאַניק — ביי וועלכע דאָס בלומען-בעכערעל בעשטעהט פון פעראייניגטע צונויפגעוואַקסענע בלעטלעך.

gam'ut *n.* (געמ'-אָט) אין מוזיק — דער טאָן-לייטער, די סקאַלאַ, די גאַמאַ; די גאַנצע נאָטען-סיסטעם; אַ זאַך אין גאַנצען, אַרום און אַרום.

ga'my *a.* (גיי'-מי) וואָס האָט אַ ריח פון געשאָסענע פויגלען אָדער חיות; שפּיעלענד; פול מיט לעבעדיגקייט, מיט ריהרעוודיגקייט.

ganch *v. and n.* (גענטש) הינריכטען אָדער בעשטראָפען איינעם מיט'ן טויט דורך אַראָבוואַרפען איהם פון אַ הויכען אָרט אויף האַקענס אָדער אויף שפּיזען אָדער דורך אויפהענגען איהם אויף אַ האַקען וואָס איז אַריינגעשטאָכען ביי איהם אין זייט; די הינריכטונג אויף אַזאַ אופן.

gan'der *n. and v.* (גענ'-דער) אַ גאַנער, אַ גאַנשער [אַ זכר פון גענז]; געהן לאַנגזאַם, זיך שלעפּען [ווי אַ גאַנז אָדער ווי אַ גאַנער].

gan'der-faced *a.* (גענ'-דער-פייסט) מיט אַ געגנזענעם פנים, מיט אַ נאַרישען פנים.

gan'der-month *n.* (גענ'-דער-מאַנטה) דער קימפּעט פון אַ פרוי [אַלס יום-טוב פאַר'ן מאַן].

gan'der-par'ty *n.* (גענ'-דער-פּאַר'-טי) אַ מענער-אונטערהאַלטונג [אַן אונטערהאַלטונג בלויז פון מענער].

gan'der-pull *n.* (גענ'-דער-פּול) גאַנער-ספּאָרט [אַזאַ ספּאָרט אין די זיד-וועסט טיילען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון

אמעריקא. דער ספארט בעשטעהט אין דעם וואס א שנעל־לויפענדער רייטער דארף אראבררייסען דעם קאפ פון א גאנער וואס איז אויפגעהאנגען פאר די פיס, מיט'ן קאפ אראב].

gan'der-pull'ing *n.* (גענ'־דער־פול'־אינג) ז. *gander-pull*

gang *n.* (גענג) א באנדע, א חברה, א קאמפאניע; א מחנה; א קאמפאניע אר־בייטער; א גאנג פון מאשינעריע אדער אינסטרומענטען וואס ווערען געבראכט אין בעוועגונג דורך איין און דערזעלבער קראפט.

gang'-board *n.* (גענג'־באורד) א גאנג־ברעט [א קלאדקע צום ארויפגעהן אויף א שיף אדער צווישען פערשיעדענע טיילען אין א שיף].

gang'-cask *n.* (גענג'־קעסק) א וואסער־פעסעל [אויף שיפען].

gan'gliac *a.* (גענ'־גלי־עק) ז. *ganglial*

gan'glial *a.* (גענ'־גלי־על) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון גאנגלי־ען [נערוועו־קניפּלעך אדער נערוועו־פער־דיקונגען].

gan'gliate *a.* (גענ'־גלי־אייט) וואס האט גאנגליען [נערוועו־קניפּלעך אדער נערוועו־פערדיקונגען]; נעקניפּט [ווי גאנגליען].

gan'gliated *a.* (גענ'־גלי־איי־טעד) ז. *gangliate*

gan'gliform *a.* (גענ'־גלי־פארם) וואס איז ענהליך צו גאנגליען [נערוועו־קניפּ־לעך אדער נערוועו־פערדיקונגען].

gan'gling *a.* (גענ'־גלינג) אומגעלום־פערט, שווער, ניט ריהרעוודיג [אין געהן].

gan'glioform *a.* (גענ'־גלי־א־פארם) ז. *gangliform*

gan'glion *n.* (גענ'־גלי־אן) א גאנגליע [א נערוועו־קניפּעל אדער א נערוועו־פער־דיקונג]; אן אנוואוקס פון קאסע אדער קאסקע [אזא ווייס, עלאסטיש, הארט פלייש].

gan'glionary *a.* (גענ'־גלי־אנ־ע־רי) וואס בעשטעהט פון גאנגליען [נערוועו־קניפּלעך אדער נערוועו־פערדיקונגען].

gan'glionated *a.* (גענ'־גלי־אנ־איי־טעד) ז. *gangliate*

gang'-mas'ter *n.* (גענג'־מעס'־טער) איינער וואס בעשעפטיגט א קאמפאניע ארבייטער; אן אויפזעהער איבער א קאמ־פאניע ארבייטער.

gang'-plank *n.* (גענג'־פלענק) א גאנג־ברעט [א קלאדקע ארויפצוגעהן אויף א שיף]. ז. *gang-board*

gan'grel *n. and a.* (גענ'־גרעל) א הוי־כער, אומגעלומפּערטער, ניט ריהרעוודי־גער מענש; וואנדערענדיג, זיך ארומשלעפּענדיג.

gan'grenate *v.* (גענ'־גרי־נייט) פער־אורזאכען אדער קריגען גאנגרענע; אב־טויטען, פערניכטען; ווערען אבגעטויט. ז. *gangrene*

gan'grene *n. and v.* (גענ'־גריען) גאנ־גרענע [אן ענטצינדונג וואס פעראורזאכט פוילונג אדער אבטויטונג]; פעראורזאכען אדער קריגען גאנגרענע; אבטויטען; ווערען אבגעטויט.

gangrenes'cent *a.* (גענ־גרי־נעס'־ענט) אנגעגריפען פון גאנגרענע, ווערענדיג אב־געטויט.

gan'grenous *a.* (גענ'־גרי־נאס) אנגע־גריפען פון גאנגרענע; אבגעטויט; ציי־גענדיג סכנים פון פוילען אדער אבטוי־טונג.

gangs'man *n.* (גענגז'־מען) אן אויפ־זעהער איבער א קאמפאניע ארבייטער.

gang'ster *n.* (גענג'־סטער) א מיט־גליעד פון א שאיקע [גנבים, רויבער, יונגאטשעס א. ד. ג.].

gangue *n.* (גענג) די מינעראלען אין א ערץ־אדער אדער ערץ־לאגער וועלכע ענטהאלטען ניט קיין מעטאל אין זיך; פרעמדע שטאפען אין א מינעראל, די אונ־ריינקייט פון א מינעראל.

gang'way *n.* (גענג'־הוויי) א דורכגאנג; א ציטווויילינער דורכגאנג אדער וועג [ווי למשל, ביי געביידען וואס האלטען זיך ערשט אין בויען; קלאדקעס צום ארויפ־געהן אויף א שיף און צום איבערגעהן פון איין פלאץ צום אנדערען אויף א שיף א. ד. ג.]; א דורכגאנג צווישען רייהען שטוה־לען.

gang'way-lad'der *n.* (גענג'־הוויי־לעד'־ער) א לייטער פון א קלאדקע אויף א שיף ביז צום וואסער.

gan'net *n.* (גענ'־עט) דער טעלפעל, די טעלפעלגאנז אדער באקלאן [א פויגעל וואס געפינט זיך אין אייראפא און נארד־אמעריקא ביי די ברעגען פון דעם אט־לאנטישען אקעאן. ערנעהרט זיך מיט פיש].



Gannet

gan'oid *a. and n.* (גענ'־איד) גלאט און גלאנציג [וועגען פיש־שופּען]; א פיש וואס האט גלאטע, גלאנציגע שופען אדער וואס זעהט אויס ווי פאלירט.

gan'oin *n.* (גענ'־א־אין) א ביינערדיגער, גלאטער, גלאנציגער שטאף מיט וועלכען געוויסע פיש זיינען בעדעקט [מעהרסטענ־טייל בעשטעהען פון דעם שטאף נור די שופען].

gant'let *n.* (גענט'־לעט) א משערינג, דאס טרייבען דורך דער שערענגע אדער דורך'ן משערינג [א מיליטערישע שטראף אין די אמאליגע ציימען, זי איז בעשטאנען אין דעם וואס מען האט איינעם א האלב נאקע־טען געטריבען דורך צוויי שערענגעס סאל־דאטען, וועלכע האבען איהם דערביי גע־שמיסען]; א רייה זאכען אדער פאסי־רונגען; דאס צוזאמענלויפען פון צוויי פאר פאראלעלע רעלסען [שינען] אין איין שטח; אן אייזערנע הענדשקע. ז. *gauntlet*



Gantlet

gant'lette *n.* (גענט'־לעט) אן אייזערנע הענדשקע. ז. *gauntlet*

gant'-line *n.* (גענט'־לאין) א שטריק אויף א רעדעל ארויפצוציהען אדער ארונ־טערצולאזען עפּעס [אויף שיפען].

gant'lope *n.* (גענט'־לאופ) א רייט־הענדשקע. ז. *gauntlet*

gan'tree *n.* (גענ'־טריע) ז. *gauntree*

gan'try *n.* (גענ'־טרי) ז. *gauntree*

gaol *n.* (דזשייל) א טורמע, א געפענגניס, א תפיסה.

gao'ler *n.* (דזשיי'־לער) א געפענגניס־וועכטער, א געפענגניס־אויפזעהער.

gaol'-kee'per *n.* (דזשייל'־קיע'־פער) ז. *gaoler*

gap *n. and v.* (געפּ) אן עפענונג, א לאך; א ברוך; א שפּאלט; א דורכגאנג; אן אונטערברעכונג; מאכען אן עפענונג, א ברוך, א לאך, א שפּאלט אדער דורכגאנג; איינשניידען, מאכען צייהנער [ווי ביי א זעג].

gape *v. and n.* (גייפ) גענעצען; עפענען דאס מויל [אום צו קריגען שפּייז]; גא־פען, עפענען דאס מויל פאר ערשטוינונג, בעוואונדערונג א. ד. ג.; זיך עפענען, זיין אפען [ווי דורך א ברוך, שפּאלט, פער־טיפונג א. ד. ג.]; זיך צושפּאלטען, בע־קומען אן עפענונג; א גענעץ; דאס גענע־צען; די ברייט פון דעם פאנאנדערגעעפענ־טען מויל.

gape af'ter (גייפ עפ'־טער) גאפען, עפענען דאס מויל, אויסגלאצען די אויגען [פאר איבערראשונג אדער בעוואונדע־רונג]; שטארק ערווארטען, גלוסטען, בענקען אדער האפען.

gape at (גייפ עט) גאפען, בעטראכטען מיט בעוואונדערונג אדער איבערראשונג, עפענען מויל און אויגען פאר איבערא־שונג און בעוואונדערונג.

gape for (גייפ פאר) מיט אונגעדולד ערווארטען; שטארק גלוסטען; זיין גרייט צו כאפען אדער אויפפרעסען.

ga'per *n.* (גיי'־פער) איינער וואס גע־נעצט; איינער וואס גאפט [שטעהט מיט אפענע מויל און אויגען פאר איבערראשונג און בעוואונדערונג]; א ברייט־שנאבעלדי־גער פויגעל; א ליפ־פיש.

ga'pers *n.* (גיי'־פערז) פויגלען, וואס הא־בען א טיפע און ווייט פאנאנדערגעשפּאל־טענעם שנאבעל [ווי למשל, שוואלבען].

gapes *n.* (גייפס) אזא נארגעל־קראנקהייט ביי פויגלען [די פויגלען האלטען דערביי זייערע מיילער אפען].

gape'-seed *n.* (גייפ'־סיעד) עטוואס וואס מאכט גאפען [עפענען מויל און אוי־גען פאר איבערראשונג און בעוואונדע־רונג]; עטוואס וואס רופט ארוים איבער־ראשונג און בעוואונדערונג ביי אונוויסענ־דע מענשען; א פאלקס־וואונדער.

gape upon' (גייפ א־פאן') ז. *gape for*

ga'ping *a.* (גיי'־פינג) ווייט אפען; גאפענדיג; גענעצענדיג.

ga'pingly *adv.* (גיי'־פינג־לי) מיט אן אפענעם מויל [פאר פערוואונדערונג], גאפענדיג; ווייט אפען.

ga'ping-stock *n.* (גיי'־פינג־סטאק) איינער אדער עטוואס אויף וועמען אדער אויף וואס מען גאפט [מען בעוואונדערט מיט ווייט פאנאנדערגעעפענטע מויל און אויגען].

gap of breath (געפּ אוו ברעטה) אן אטעמצוג.

gap of time (געפּ אוו טאים) א צווישענ־צייט.

gap'-toothed *a.* (געפּ'־טוהטהט) וואס די צייהנער זיינען שיטער דורך דעם וואס אנדערע פעהלען.

gap'-win'dow *n.* (געפּ'־הווינ'־דאו) א לאנג, שמאל פענסטער.

gar *n.* (גאר) אזא פיש [ענהליך צו א העכט].

G. A. R. אן אבקירצונג פון די ווערטער ***Grand Army of the Republic***

gar'age *n.* (גאר'-עדזש) א פלאץ, וואו מען האלט אויטאמאבילען.

garb *n. and v.* (גארב) קליי־ דונג, קלייד־דער־מאדע [הויפטזעכליך אפיציעלע אוי־ ניפארמען אדער קליידער און קליידער־מא־ דעס וואס זיינען כאראקטעריסטיש פאר א געוויסען קלאס מענשען אדער פאר א געוויסער צייט]; א גארב, א סנאפ; א בינטעל [פון זאנגען אדער שיס־פיילען]; קליידען, אנקליידען.

gar'bage *n.* (גאר'-בעדזש) געדערים; אבפאל [הויפטזעכליך קיך־אבפאל פון שפייזען]; מיסט.

gar'bage-fur'nace *n.* (גאר'-בעדזש-פויר'-נעס) א מין אויוועו, אין וועלכען מען פערברענט מיסט און אנדערע אבפאל.

garbe *n.* (גארב) א גארב, א סנאפ; א בינטעל [פון זאנגען אדער שיס־פיילען].

garbed *a.* (גארבד) געקליידעט; אנגע־ טהאן.

gar'ble *v.* (גאר'-בל) איבערזיפען; אב־ קלייבען; אבקלייבען דאס בעסטע; אב־ סארטירען [הויפטזעכליך פאר א שלעכטען צוועק, ווי אום צו בעשווינדלען אדער מא־ כען א פאלשען איינדרוק]; פערפעלשען, פערדרארבען.

gar'bler *n.* (גאר'-בלער) איינער וואס קלייבט אב [דאס ערגסטע אדער בכלל מיט דעם צוועק צו בעשווינדלען אדער צו מא־ כען א פאלשען איינדרוק]; א פערפעל־ שער, א פערדרארבער.

gar'board *n.* (גאר'-באורד) דער בארדען־ באלקען פון א שיף [פון פארענט].

gar'board-plank *n.* (גאר'-באורד-פלענק) ז. ***garboard***

gar'board-strake *n.* (גאר'-באורד-סטרייק) די ערשטע רייהע פלאנקען ביים פאדערשטען בארדען־באלקען פון א שיף.

garçon' *n.* (גאר-סאן') א האטעל־דינער; א קעלנער; א דינער; א אינגעל.

gar'den *n., a. and v.* (גאר'דן) א גאר־ טען; א סאד; א גוט־בעארבייטעטער, שעה־ נער, רייכער פלאץ אדער לאנד; וואס איז שייך אדער וואס קומט פון א גארטען אדער סאד; בעארבייטען לאנד פאר גערט־ נעריי, קולטיווירען גארטען־פראדוקטען אדער סאד־פראדוקטען.

gar'dencraft *n.* (גאר'דנ-קרעפט) די גערטנער־קונסט [די קונסט צו בעארביי־ טען גערטנער און סעדער].

gar'den-en'gine *n.* (גאר'דנ-ענ'-דזשין) ז. ***garden-pump***

gar'dener *n.* (גאר'דנ-ער) א גערטנער.

gar'dener-bird *n.* (גאר'דנ-ער-בוירד) דער גערטנער־פויגעל [אזא פויגעל אין ניי־גווינעא, ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם וואס ער רייניגט אב און פוצט אויס פאר זיין נעץ א גרויסען פלאץ].

gar'den-gate *n.* (גאר'דנ-גייט) דאס שטיעפמוטערעל [אזא בלום].

gar'den-glass *n.* (גאר'דנ-גלעס) א גארטען־גלאז [א קיילעכיגע גלאז וואס מען געברויכט אלס בעציערונג אין א סאד אדער א גלאז, מיט וועלכער מען דעקט צו בלומען].

gar'den-house *n.* (גאר'דנ-הויז) א גארטען־ביידעל, א לויבע, א בעסיעדקע.

gar'dening *n.* (גאר'דנ-אינג) גערט־ נעריי.

gar'denless *a.* (גאר'דנ-לעס) אהן גערט־ נער, אהן סאדען.

gar'den-mold *n.* (גאר'דנ-מאולד) גארטען־ערד [שווארצע פרוכטבארע ערד].

gar'den-net *n.* (גאר'דנ-נעט) א לייכ־ טער שטאף, מיט וועלכען מען פערדעקט פרוכטען, אום זיי צו בעשיצען געגען פויג־ לען.

gar'den-par'ty *n.* (גאר'דנ-פאר'-טי) אן אונטערהאלטונג אין א סאד אדער אויף א לאנקע.

gar'den-plot *n.* (גאר'דנ-פלאט) א גאר־ טען־פלאץ.

gar'den-pot *n.* (גאר'דנ-פאט) א גיס־ קאן, א קאן צו בעגיסען בלומען.

gar'den-pump *n.* (גאר'דנ-פאמפ) א גארטען־שפריצער, א האנד־פומפ צו בע־ שפריצען א גארטען אדער א סאד.

gar'den-stand *n.* (גאר'דנ-סטענד) א געשטעל פאר בלומען־טעפ.

gar'den-stuff *n.* (גאר'דנ-סטאף) גאר־ טען־פלאנצען; גארטען־גרינס.

gar'den-sweep *n.* (גאר'דנ-סהוויעפ) א וועג דורך א גארטען אדער סאד [צום פאהרען מיט א וואגען].

gar'den-trow'el *n.* (גאר'דנ-טראו'-על) א קליינער שויפעל אדער רידעל, מיט וועל־ כען מען גראבט ארום די ערד ארום בוי־ מער און קוסטעס אין א גארטען.



Garden-trowel

gar'den-truck *n.* (גאר'דנ-טראק) גרינס אדער גארטען־פראדוקטען צום פער־ קויף אויף'ן מארק.

gar'den vale'rian (גאר'דן ווע-לי'-רי-ען) די וואלעריאן־פלאנצע [א מין גראז מיט רויטע בלימעלעך. פון איהרע ווארצ־ לען ווערען געמאכט וואלעריאן־טראפענס און עטער־אויל אלס א מעדיצינישער מי־ טעל געגען נערוועזיטעט].

gar'don *n.* (גאר'-דאן) [א דער אלאנד מין קליינער פיש וואס לעבט אין טייכען און אזערעס].

gar'fish *n.* (גאר'-פיש) א מין פיש עהנ־ ליך צו א העכט.



Garfish

gar'garism *n.* (גאר'-גע-ריזם) גארגעל־ וואסער [א פליסיגקייט וואס ווערט צו־ געגרייט צו שווענקען דעם האלז ביי אן ענטצינדונג א. ד. ג.].

gar'garize *v.* (גאר'-גע-ראיז) גארגלען, שווענקען דעם גארגעל; בענוצען אלס גאר־ געל־וואסער.

gar'get *n.* (גאר'-געט) א קראנקהייט ביי קיה, וועלכע דריקט זיך אויס אין א גע־ שווילעכץ אין האלז; אן ענטצינדונג אין אייטער ביי קיה; א מין גראז; אזא קראנק־ הייט ביי חזירים.

gar'gle *v. and n.* (גאר'גל) גארגלען, שווענקען דעם גארגעל; גארגעל־וואסער; אזא קראנקהייט ביי חזירים.

gar'goyle *n.* (גאר'-גאיל) אזא שטיינער־ נע דאך־רינע אין דער פארם פון א פיגור וואס פלעגט געמאכט ווערען אין דער מיי־ טעל־אלטערליכער ארכיטעקטור פאר דעם אבלויפען פון רעגען־וואסער. אין דער מא־ דערנער ארכיטעקטור ווערט עס בענוצט נור אלס דעקאראציאן.

Gargoyle

garibal'di *n.* (גער-אי-בעל'-די) אזא פרויע בלוזע פאר פרויען און קינדער.

Garibal'dian *a. and n.* (גער-אי-בעל'-די-ען) וואס איז שייך צו דעם איטאליע־ נישען פאטריאט און רעוואלוציאנער דזשו־ זעפע גאריבאלדי, וועלכער האט געקעמפפט פאר דער פעראייניגונג פון איטאליען [גע־ בארען אין יאהר 1807, געשטארבען אין 1882]; אן אנהענגער אדער מיטהעלפער פון גאריבאלדי.

gar'ish *a.* (געהר'-איש) גלענצענד, בלענ־ דענד, שטראהלענד; צופיעל געפוצט; גע־ שמאקלאז אויסגעפוצט; לייכטזיניג, ניט שטאנדהאפט.

gar'ishly *adv.* (געהר'-איש-לי) אויף א בלענדענדען אופן; מיט איבערטריבע־ נעם פוץ; מיט געשמאקלאזער אויספוצונג; לייכטזיניג, אונשטאנדהאפט.

gar'ishness *n.* (געהר'-איש-נעס) פוץ; גלאנץ; לייכטזיניגקייט, אונשטאנדהאפ־ טיגקייט.

gar'land *n. and v.* (גאר'-לענד) א גיר־ לאנדע [גרינס און בלומען צוזאמענגע־ פלאכטען אין דער פארם פון א שטריק]; א בלומען־קראנץ אלס פערציערונג אדער אלס צייכען פון כבוד; אן אנטאלאגיע [א זאמלונג פון לירישע געדיכטע פון פער־ שיעדענע פאעטען]; די הויפט זאך, דער וויכטיגסטער פונקט; א מין טארבע, אין וועלכער מאטראזען האלטען זייער פראוויז־ זיע; א מין רינג פון שטריק, וואס ווערט געברויכט אויף א שיף פאר פערשיעדע־ נע צוועקען; בעציערען מיט גירלאנדען.

gar'lic *n.* (גאר'-ליק) קנאבעל, די קנאבעל־ פלאנצע.

Garlic

gar'lic-ea'ter *n.* (גאר'-ליק-איט'-טער) א קנאבעל=עסער; א לומפּ.

gar'lic-hop *n.* (גאר'-ליק-האפּ) א קעפּעל פון קנאבעל.

gar'licky *a.* (גאר'-ליק-אי) וואס איז עהנליך צו קנאבעל אדער שמעקט מיט קנאבעל.

gar'ment *n.* (גאר'-מענט) א קלייד; א מלבוש.

gar'mented *a.* (גאר'-מען-טעד) אנגעטהאן, געקליידעט.

gar'ner *n. and v.* (גאר'-נער) א קארן=שפּייכלער; די אנזאמלונג פון עפּעס [ווי קענטשאפט, וויסען א. ד. ג.]; אריינשיטען אין שפּייכלער; אננרייטען, אנזאמלען.

gar'net *n.* (גאר'-נעט) גראנאט [א מין רויטער עדעלשטיין. ז. איל. *"Gems"*]; אויף א שיף — א בלאק מיט אנגעצויגענע שטריק ארויפצוציהען און אראבצולאזען לאסט.

gar'nish *v. and n.* (גאר'-ניש) בעציערען מיט ארנאמענטען; בעזעצען, בענעהען; פערשמיערען אין קאנדאלען, אנטהאן א פּענטע אויף א פערד; בעזארגען מיט עפּעס, צושטעלען וואס איז נויטיג; בעציערען א געריכט אדער מאכל מיט עפּעס וואס מען לעגט ארום ארום איהם; ווארנען, מוהיר זיין, געבען צו וויסען; ארויפלעגען אן ארעסט אויף עפּעס [ווי אויף געלד אדער פערמעגען]; א בעציערונג, דעקאראציאן; דאס בענעהען אדער בעזעצען מיט עפּעס; עפּעס מיט וואס מען לעגט ארום א געריכט אויף א טעלער; א סערוויז, כלים אדער געשיער וואס ווערען בענוצט צום טיש; קאנדאלען, קייטען, פּענטעס; א מתנה וואס מען גיט א בעדיענער.

garnishee' *n. and v.* (גאר-ני-שיע') דער סעקוועסטער [איינער וועלכען דאס געריכט בעפעהלט צו פערהאלטען דאס געלד, וואס איינער דארף בעצאהלען זיין בעל=חוב, ווייל דיעזער בעל=חוב איז שולדיג געלד אן אנדער פּערזאן, וועלכע האט איהם פערקלאגט אין געריכט]; פערהאלטען דורך'ן בעפעהל פון געריכט דאס געלד וואס איינער דארף בעצאהלען א צווייטען, ווייל דיעזער צווייטער איז שולדיג געלד א דריטען.

gar'nisher *n.* (גאר'-ניש-ער) א בעפּוצער, א בעציערער; איינער וועלכער פאדערט פון צווייטען צו פערהאלטען דאס געלד וואס ער איז שולדיג זיין בעל=חוב, ווייל דיעזער בעל=חוב איז איהם שולדיג געלד.

gar'nishment *n.* (גאר'-ניש-מענט) אן ארנאמענט, א פּערציערונג; דאס וואס בעציערט אדער בעפּוצט עפּעס; א התראה אדער בעפעהל פון געריכט צו פערהאלטען דאס געלד וואס איינער איז שולדיג דעם אנגעקלאגטען און ער זאל בעצאהלען דעם חוב דעם אנקלעגער [ווי למשל, א בעפעהל פון געריכט אז איינער זאל פערהאלטען די שכירות פון זיין ארבייטער און אבגעבען דאס געלד דעם ארבייטער'ס בעל=חוב].

gar'nishry *n.* (גאר'-ניש-רי) פּערציערונגען, ארנאמענטען; דאס פּערציערען.

gar'niture *n.* (גאר'-ני-טשור) גארניטור; אויסשטאטונג; ציערונג.

gar'ran *n.* (גאר'-ען) א קליין פערד; א קליאטשע.

gar'ret *n.* (גאר'-עט) א בוידעם; א מעזאנין, א בוידעם=קאמער, א דאך=שטיבעל; דער קאליר פון צופוילטען האלץ.

garreteer' *n.* (גער-ע-טיער') א בעוואהנער פון א בוידעם=שטיבעל; אן ארעמער ליטעראט אדער פערפאסער.

gar'rison *n. and v.* (גער'-אי-סאן) א גארניזאן [אן ארמעע אדער קאמאנדע סאלדאטען וואס ווערען געהאלטען אין א פעסטונג אדער שטאדט צו בעשיצען דאס ארט פון שונא און אויפצוהאלטען דארטען ארדנונג אין דער צייט פון שלום]; א פעסטונג אדער שטאדט, וועלכע איז בעשיצט פון א גארניזאן סאלדאטען; אריינשטעלען א גארניזאן סאלדאטען אין א פעסטונג אדער שטאדט; האלטען אין אונטערטעניגקייט אן איינגענומען לאנד דורך א גארניזאן סאלדאטען.

gar'risoned *a.* (גער'-אי-סאנד) בעזעצט מיט סאלדאטען.

gar'rison-town *n.* (גער'-אי-סאן-טאון) א שטאדט וואו עס שטעהט א גארניזאן. ז. *garrison*.

gar'ron *n.* (גער'-און) ז. *garran*.

garrote' *n. and v.* (גע-ראט') אן ארט טויט=שטראף דורך דערוואָרגען מיט אן אייזערנעם קראגען ארום האלז [אזא ארט טויט=שטראף האט זיך פּראקטיצירט אין שפּאניען און פּארטוגאל]; דער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען פלעגט דורכפיהרען אזא ארט טויט=שטראף; בעשטראפען מיט טויט דורך דערוואָרגען מיט'ן אייזערנעם קראגען; בעטריגען אדער בעשווינדלען אין קארטען=שפּיעל, בעהאלטענדיג איינינע קארטען הינטער'ן האלז.

garru'lity *n.* (גע-רוה'-לי-טי) פלוידעריי, פּלאפּלעריי.

gar'rulous *a.* (גער'-או-לאס) געשוועציג, פלוידעריש.

gar'rulously *adv.* (גער'-או-לאס-לי) אויף א פלוידערישען, פּלאפּלערישען שטייגער.

gar'rulousness *n.* (גער'-או-לאס-נעס) ז. *garrulity*.

gar'ter *n. and v.* (גאר'-טער) א שטרומפּבאנד, א פּאדעשקע; דער צייכען פון דעם הויזען=באנד ארדען אין ענגלאנד [אן ארדען פון דעם העכסטען ראנג פון ענגלישע ריטער, וועמעס מיטגליעדער עס זיינען דער קעניג, דער פּרינץ פון וועלס אדער דער יורש=עצר און נאך 24 פון די העכסטע אריסטאקראטען פון לאנד]; א מיטגליעד פון דיעזען ארדען; ארומבינדען מיט א פּאדעשקע; אריינגעהמען איינעם אין ארדען פון הויזען=באנד.

gar'ter-blue *a.* (גאר'-טער-בלוה) טונקעל=בלוי.

Gar'ter-king *n.* (גאר'-טער-קינג) דער הערעלד פון דעם הויזען=באנד=ארדען אין ענגלאנד און דער העכסטער הערעלד פון לאנד. ז. *garter*.

gar'ter-snake *n.* (גאר'-טער-סנייק) א מין קליינע ניט=גיפטיגע אמעריקאנישע שלאנג מיט א גרינליכען קאליר און לאנגע געלבע שטרייפען.

gas *n. and v.* (געס) גאז; לייכט=גאז; איינשלעפערונגס=גאז וואס דענטיסטען געברויכען ביים ארויסציהען ציינער; פוסטע דבורים; ריידען נארישקייטען, ריידען פוסטע דבורים; בעהאנדלען מיט גאז אדער שטעלען אונטער דער ווירקונג פון גאז; פערגיפטען מיט גאז.

gasalier' *n.* (געס-ע-ליער') א הענגלייכטער פאר גאז=בעלייכטונג.

gas'-bag *n.* (געס'-בעג) א זאק צו האלטען גאז; א פלוידערזאק.

gas'-bill *n.* (געס'-ביל) די גאז=רעכנונג וואס ווערט צוגעשטעלט פון דער גאז=קאמפּאניע.

gas'-bot'tle *n.* (געס'-באטל) אן אייזערנע כלי אין דער פארם פון א פלאש צו האלטען גאז.

gas'-brack'et *n.* (געס-ברעק'-עט) א גאז=וואנד=לייכטער.

gas'-bur'ner *n.* (געס'-בויר'-נער) א גאז=ברענער [דאס רעהרעל וואס איז צוגעריכטעט פאר דעם ברענען פון א גאז=פלאם].

gas'-calorim'eter *n.* (געס'-קעל-א-רים'-ע-טער) אן אפּאראט צו מעסטען די היץ וואס א געוויסע קוואנטום גאז קען ארויסגעבען.

gas'-coal *n.* (געס'-קאול) שטיין=קויהל פון וועלכען עס ווערט געמאכט לייכט=גאז.

gas'-com'pany *n.* (געס'-קאמ'-פּע-ני) א גאז=קאמפּאניע [א קאמפּאניע וואס בעזארגט די שטאדט מיט גאז].

Gas'con *n.* (געס'-קאן) א געבארענער פון גאסקאן [אן אלטע פּראווינץ אין פראנקרייך]; א בעריהמער, א פּראלער [אויף דעם נאמען פון די גאסקאניער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער בעריהמעריי].

gasconade' *n. and v.* (געס-קא-נייד') בעריהמעריי, פּראלעריי; זיך בעריהמען, פּראלען, זאגען ליגען.

gascona'der *n.* (געס-קא-ניי'-דער) א גרויסער בעריהמער, א פּראלער.

gase'ity *n.* (גע-סי'-אי-טי) גאז=פערמיגקייט; דאס זיין גאז=פערמיג.

gas'-en'gine *n.* (געס'-ען'-דזשין) א גאז=מאשין [א מאשין וועלכע ווערט בעטריבען דורך גאז דורך דעם וואס דאס גאז ווערט אין צילינדער געבראכט צום עקספּלאדירען און דיעזע עקספּלאזיאנס=קראפט טרייבט דעם קאלבען].

gas'eous *a.* (געס'-אי-אס) גאזארטיג, גאזפערמיג; לופטיג, ניט שטאנדהאפטיג.

gas'-fit'ter *n.* (געס'-פיט'-ער) א גאז=מאנטער [איינער וואס ריכט איין גאז=בעלייכטונג אין הייזער].

gas'-fit'ting *n.* (געס'-פיט'-אינג) גאז=איינריכטונגען; דאס איינארדנען גאז=לייטונגען און גאז=איינריכטונגען.

gas'-fit'tings *n.* (געס'-פיט'-אינגז) גאז=איינריכטונגען.

gas'-fix'tures *n.* (געס'-פיקס'-טשורז) איינריכטונגען פאר לייכט=גאז [ווי די לייכטער, ברענער, רעהרען א. ד. ג.].

gas'-fur'nace *n.* (געס'-פויר'-נעס) א גאז=אויווען [אן אויווען וואס ווערט געהייצט מיט גאז]; אן אויווען צום דיסטילירען גאז.

gas'-gov'ernor *n.* (געס'-גאוו'-ער-נאר) ז. *gas-regulator*.

gash *v. and n.* (געש) איינשניידען; מאכען א לאנגען טיעפען שנים; א לאנגער טיעפער שנים [ווי אין פלייש].

gas'-hol'der *n.* (געס'-האול'-דער) א גאז=בעהאלטער [א געפעס אדער אפּאראט פון וועלכען עס ווערט רעגולירט דער אויספלוס פון לייכט=גאז].

gasifica'tion *n.* (געס-אי-פי-קיי'-שאן) די פערוואנדלונג אין גאז; דאס פּראדוצירען גאז.

gas'iform *a.* (געס'-אי-פארם) גאזפערמיג, גאז=ארטיג.

gas'-in'dicator *n.* (געס'-אינ'-די-קיי-טאר) אן אינסטרומענט וואס גיט אן דעם דרוק פון לייכט=גאז אין די רעהרען אדער

די עקזיסטענץ פון אויפרייסענדע גאזען איז א קויהלען=גרוב.

gas'-jet *n.* (געס'-דזשעט) א גאז=ברענער; דער שפּיץ פון א גאז=פלאם וואס געהט ארויס פון א גאז=ברענער.

gas'ket *n.* (געס'-קעט) א דינע פּלאטע פון פּאפּיער, גומי, לעדער אדער בלעך וואס ווערט אריינגעשטעלט צווישען צוויי מאשינען=טיילען כדי זיי זאלען זיך פעסט צונויפקומען; א לייוועגד=באנד אדער שטריקעל מיט וואס עס ווערט צוגעבונדען א זעגעל צום מאסט=בוים.

gas'king *n.* (געס'-קינג) פּאקונג [דאס פעסט=מאכען געוויסע מאשינען=טיילען אייגעם צום אנדערען דורך אנשטאפּען צווישען זיי פּאקולע אדער קאנאפּליע].

gas'kins *n.* (געס'-קינז) ז. *gasking*.

gas'-lamp *n.* (געס'-לעמפּ) א גאז=לאמפּ; א גאז=לאנטערנע.

gas'-light *n.* (געס'-לאיט) גאז=ליכט.

gas'-ligh'ted *a.* (געס'-לאי'-טעד) בעלויכטען מיט גאז=ליכט.

gas'-ligh'ting *n.* (געס'-לאי'-טינג) גאז=בעלייכטונג.

gas'-main *n.* (געס'-מיין) דער הויפּט=ראהר פון דער גאז=לייטונג, וועלכער געהט פון גאז=אנשטאלט און פון וועלכען עס צווייגען זיך אב די אלע אנדערע גאז=רעהרען.

gas'man *n.* (געס'-מען) איינער וואס ארבייט ביים פאבריצירען ליכט=גאז אדער ביי גאז=איינריכטונגען; דער אנגעשטעלטער פון דער גאז=קאמפּאניע וואס געהט נאכזעהן אין די הייזער וויפיעל גאז עס איז פערברויכט געווארען אדער דער וואס ברייגנט די רעכנונג פאר דעם פערברויכטען גאז; אן אנגעשטעלטער אין א קויהלען=גרוב וואס דארף נאכזעהן אויב עס האבען זיך ניט אנגעזאמעלט אין גרוב קיין אויפרייסענדע גאזען.

gas man'tle (געס מענטל) א גליה=מאנטעל אדער שאטקע [א מין היטעלע געוועבט פון באוועל און דורכגעווייקט אין געוויסע כעמישע שטאפען, וואס טהוט זיך אן אויף'ן רעהר פון א גאז=לאמפּ איבער דעם פלאם און דיענט צו מאכען דאס פייער פיעל העלער].



Gas Mantle

gas'-me'ter *n.* (געס'-מי'-טער) א גאז=מעטער, אן אפּאראט וואס ציינט אן וויפיעל גאז עס איז פערברויכט געווארען.

gas'-mo'tor *n.* (געס'-מאו'-טאר) ז. *gas-engine*.

gas'oline *n.* (געס'-א-לין) גאזאלין [דיסטילירט פּעטראלעאום. ענטצינדעט זיך און פערדאמפּט זעהר שנעל און ווערט דאריבער בענוצט אלס הייץ=מאטעריאל פאר גאז=מאטארען א. ד. ג.].

gas'oline en'gine (געס'-א-לין ענ'-דזשין) א גאזאלין=מאשין [א מאשין וואס ווערט בעטריבען מיט גאזאלין].

ז. *gasoline motor*

gas'oline mo'tor (געס'-א-לין מאו'-טאר) א גאזאלין=מאטאר, א מאטאר וואס ווערט בעטריבען מיט גאזאלין [דאס גאזאלין ווערט געמישט מיט לופט און ווערט געבראכט אין דעם צילינדער פון מאטאר, וואו דאס געמיש ווערט געבראכט צום עקספּלאדירען און דורך דער קראפט פון די עקספּלאזיאנען ווערט דער מאטאר געבראכט אין בעוועגונג, ווי דאס איז ביי אויטאמאבילען א. ד. ג.].

gasom'eter *n.* (געס-אמ'-ע-טער) א גאזאמעטער, אן אפּאראט צום מעסטען גאז; א כעמישער אפּאראט צום אויפזאמלען, מישען אדער מעסטען פערשיעדענע גאזען.

gasomet'ric *a.* (געס-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו דעם מעסטען פון גאזען.

gasom'etry *n.* (געס-אמ'-ע-טרי) די גאז=מעסטונג.

gas'oscope *n.* (געס'-א-סקאופּ) אן אינסטרומענט אויף אבצופּראבירען אויב אין אן ארט געפינט זיך גאז.

gas'-ov'en *n.* (געס'-אוו'ן) א גאז=אויווען.

gasp *v. and n.* (געספּ) אויפעפענען ברייט דאס מויל צו כאפּען דעם אטהעם; קייכען; שווער אטהעמען; לעכצען, שמאכטען [נאך עפּעס]; דאס אויפעפענען ברייט דאס מויל צו כאפּען דעם אטהעם; דאס שווער אטהעמען; דאס קייכען.

gasp af'ter (געספּ עפ'-טער) ז. *gasp for*.

gasp for (געספּ פאר) נאך עטוואס לעכצען אדער שמאכטען.

gas'ping *n. and a.* (געס'-פּינג) דאס קייכען, דאס ניט קענען אבכאפּען דעם אטהעם; קייכענדיג.

gas'pingly *adv.* (געס'-פּינג-לי) קייכענדיג, שווער אטהעמענדיג.

gas'-pipe *n.* (געס'-פּאיפּ) א גאז=ראהר.

gas'-plant *n.* (געס'-פּלענט) א גאז=אנשטאלט [א פאבריק וואו גאז ווערט פּראדוצירט].

gasp one's last (געספּ הוואנז לעסט) אויסהויכען דעם לעצטען אטהעם, אויסהויכען די נשמה.

gas'-range *n.* (געס'-ריינדזש) א גאז=קאך=אויווען; א גאז=הערד, א גאז=פּליטע.

gas'-reg'ister *n.* (געס'-רעדזש'-איס-טער) א גאז=רעגיסטער [אן אפּאראט וואס פערצייכענט דאס קוואנטום פון פערברויכטען גאז דורך דעם, וואס ער גיט אן דעם גאז=דרוק].

gas'-reg'ulator *n.* (געס'-רעג'-יו-ליי-טאר) א גאז=רעגולאטאר, אן אפּאראט וואס רעגולירט דעם אויספלוס פון לייכט=גאז ביים ברענען, אז קיין איבריג גאז זאל ניט געהן אין ניוועץ.

gas'-retort' *n.* (געס'-רי-טארט') די גאז=רעטארטע [אזא רוים אדער קעסעל, וואו עס ווערט פּראדוצירט לייכט=גאז].

gas'-sand *n.* (געס'-סענד) אזא זאמד=שטיין וואס גיט ארויס גאז.

gas ser'vice (געס סויר'-וויס) די סיסטעם פון בעזארגען מיט גאז=בעלייכטונג.

gas'-stove *n.* (געס'-סטאוו) א גאז=אויווען.

gas'sy *a.* (געס'-אי) גאזהאלטיג, וואס ענטהאלט גאז; ווינדיג, לופטיג; אויפברויזענד.

gas'-tank *n.* (געס'-טענק) א גאז=בעהאלטער, א כלי וואו מען האלט גאז; אן אפּאראט צו מעסטען גאז.

gas'-tar *n.* (געס'-טאר) שטיין=קויהלען=טער, שטיין=קויהלען=דזשעגעכץ.

gas'ter *n.* (געס'-טער) דער בויך; דער מאגען.

gas'teropod *a. and n.* (געס'-טע-רא-פּאד) וואס איז שייך צו די בויך=קריכענדע טהיערע; איינער פון די בויך=קריכענדע טהיערע.

gasterop'odan *n.* (געס-טע-ראפּ'-א-דען) איינער פון די בויך=קריכענדע טהיערע.

gasterop'odous *a.* (געס-טע-ראפּ'-א-דאס) וואס איז שייך צו די בויך=קריכענדע טהיערע.

gas'-tight *a.* (געס'-טאיט) גאז=דיכט, גאז=פעסט [פעסט אז דאס גאז זאל ניט קענען ארויס].

gas'-tip *n.* (געס'-טיפּ) א גאז=ברענער=שפּיץ [דער שפּיץ פון א גאז=ברענער דורך וועלכען עס געהט דער גאז=פלאם].

gast'ly *a.* (געסט'-לי) ז. *ghastly*.

gast'ness *n.* (געסט'-נעס) ז. *ghastliness*.

gastræ'um *n.* (געס-טריע'-אם) דער בויך=טייל פון א פויגעל.

gas'tric *a.* (געס'-טריק) וואס געהערט צום בויך אדער צום מאגען.

gas'tric fe'ver (געס'-טריק פי'-ווער) א שטארקע מאגען=ענטצינדונג; טיפוס=פיעבער.

gas'tric juice (געס'-טריק דזשוס) דער מאגען=זאפט [דער זויערליכער זאפט וואס די דריזען פון מאגען גיבען ארויס פון זיך צו העלפען דער פערדייאונג].

gas'tric vein (געס'-טריק וויין) דער מאגען=אדער. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

gastril'oquist *n.* (געס-טריל'-א-קהוויסט) א בויך=רעדנער.

gastril'oquous *a.* (געס-טריל'-א-קהוואס) ווי א בויך=רעדנער; בויך=רעדענד.

gastril'oquy *n.* (געס-טריל'-א-קהווי) דאס בויך=ריידען.

gastri'tis *n.* (געס-טראי'-טיס) א מאגען=ענטצינדונג.

gas'trograph *n.* (געס'-טרא-גרעף) אן אפּאראט צו פערצייכנען די בעוועגונגען פון מאגען אין דער צייט פון פערדייאונג.

gastrol'oger *n.* (געס-טראל'-א-דזשער) איינער וואס שטודירט מאגען=קראנקהייטען; א קענער אין מאגען=קראנקהייטען.

gastrolog'ical *a.* (געס-טרא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער בעהאנדלונג פון מאגען.

gastrol'ogist *n.* (געס-טראל'-א-דזשיסט) א קענער אין מאגען=בעהאנדלונג; איינער וואס שטודירט די מאגען=קראנקהייטען, א מאגען=ספּעציאליסט.

gastrol'ogy *n.* (געס-טראל'-א-דזשי) דער טייל פון מעדיצין וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם מאגען און זיין בעהאנדלונג; די קונסט פון קאכען אדער די צופּאסונג פון שפּייזען פאר'ן מאגען.

gas'tromancy *n.* (געס'-טרא-מענ-סי) נביאות=זאגעריי דורך בויך=רעדנעריי; נביאות=זאגעריי דורך דיק=בייכיגע פלאשען.

gas'tronome *n.* (געס'-טרא-נאום) ז. *gastronomer*.

gastron'omer *n.* (געס-טראנ'-א-מער) א גאסטראנאם, א גרויסער מבין אויף גוטע עסענס, א גרויסער מבין אין דער קאך=קונסט; איינער וואס ליעבט צו לעבען א גוטען טאג דורך עסען און טרינקען.

gastronom'ic *a.* (געס-טרא-נאמ'-איק) גאסטראנאמיש, וואס איז שייך צו גאסטראנאמיע. ז. *gastronomy*.

gastronom'ical *a.* (געס-טרא-נאמ'-אי-קעל) ז. *gastronomic*.

gastronom'ically *adv.* (געס-טרא-נאמ'-אי-קעל-אי) אויף א גאסטראנאמישען אופן. ז. *gastronomy*.

gastron'omist *n.* (געס-טראנ'-א-מיסט) ז. *gastronomer*.

gastron'omous *a.* (געס-טראנ'-א-מאס) וואס גיט זיך אב מיט גאסטראנאמיע. ז. *gastronomy*.

gastron'omy *n.* (געס-טראנ'-א-מי) גאסטראנאמיע, די קונסט פון צוריכטען געשמאקע, אפעטיטליכע אדער דעליקאטעסע שפייזען; דאס אבגעבען זיך מיט עסען און טרינקען.

gastron'osos *n.* (געס-טראנ'-א-סאס) מאגען=קראנקהייט.

gas'tropod *a.* and *n.* (געס'-טרא-פאד) ז. ***gasteropod***.

gastrorr'haphy *n.* (געס-טראר'-ע-פי) אין כירורגיע—דאס צונויפנעהען א וואונד אדער שניט פון בויך.

gas'troscope *n.* (געס'-טרא-סקאופ) א גאסטראסקאפ [אזא שפיגעל=אפאראט וואס ווערט בענוצט אריינצוקוקען אין מאגען פון אינווענינ].

gastros'copy *n.* (געס-טראס'-קא-פי) די אונטערזוכונג פון אינוועניגסטען טייל פון בויך; די אונטערזוכונג פון מאגען דורך א גאסטראסקאפ. ז. ***gastroscope***.

gastrot'omy *n.* (געס-טראט'-א-מי) אין מעדיצין — אן אפעראציאן פון בויך אדער מאגען.

gas'trula *n.* (געס'-טרו-לא) די פארם פון א מעטאזאאישען [פיעל=צעליגען] ארגאניזם אין זיין עמבריאנישען צושטאנד, וועלכער בעשטעהט וויא פון צוויי זעקלעך איינס אין דעם אנדערען מיט אן עפענונג פון איין ענד.

gas'trular *a.* (געס'-טרו-לאר) וואס איז שייך צו דער פארם פון א מעטאזאאישען [פיעל=צעליגען] ארגאניזם אין זיין עמבריאנישען צושטאנד, וועלכער בעשטעהט ווי פון צוויי זעקלעך איינס אין דעם אנדערען מיט אן עפענונג פון איין ענד.

gas'-wa'ter *n.* (געס'-הוואה'-טער) וואסער דורך וועלכען עס איז דורכגעלאזען געווארען לייכט=גאז עס צו רייניגען.

gas'works *n.* (געס'-הוואירקס) א גאז=אנשטאלט [א פאבריק וואו עס ווערט פראדוצירט לייכט=גאז].

gate *n.* and *v.* (גייט) א טויער; אן אריינגאנג; בעזארגען מיט א טויער.

ga'ted *a.* (גיי'-טעד) וואס האט טויערען.

gate'-house *n.* (גייט'-האוס) א וועכטערהויז ביים טויער פון אן אנשטאלט, פארק א. ד. ג.; די טויער=געביידע פון א שטאדט, שלאס, פעסטונג א. ד. ג.

gate'-kee'per *n.* (גייט'-קיע'-פער) א טויער=וועכטער.

gate'less *a.* (גייט'-לעס) אהן א טויער.

gate'man *n.* (גייט'-מען) א טויער=וועכטער, א פארטיער.

gate'-mon'ey *n.* (גייט'-מאנ'-אי) איינטריטס=געלד.

gates of mer'cy (גייטס אוו מויר'-סי) די טויערען פון רחמנות [שערי רחמים].

gate'-vein *n.* (גייט'-וויין) דער גרויסער בויך=אדער.

gate'ward *n.* (גייט'-הוואהרד) א טויער=וועכטער.

gate'ward *adv.* (גייט'-הווארד) צום טויער צו.

gate'way *n.* (גייט'-הוויי) א טויער=וועג [דער וועג דורך א טויער]; א דורכגאנג.

gath'er *v.* and *n.* (געטה'-ער) צונויפנעהמען, צונויפזאמלען; זיך צונויפזאמלען; אבקלייבען, אויסקלייבען, אבסארטירען; פעסטער צונויפנעהמען; פאלדעווען, מאכען פאלדען, אויפציהען פעלדלעך [אויף א שנירעל]; צונויפציהען; איינשליסען; ערווערבען; אנזאמלען; ווערען גרעסער; ווערען אנגעצויגען, ווערען רייף [וועגען אן אייטערדיגען געשוויר]; שליסען, ציהען שליסע; אין גלאז=פאבריקאציאן — ארויפנעהמען צושמאלצען גלאז אויף'ן עק פון א שטיק אייזען אדער פון א רעהר [אום עס אויסצובלאזען]; א פאלד, א פעלדעל.

gath'erable *a.* (געטה'-ער-עבל) וואס כען קען צונויפזאמלען אדער אבקלייבען; וואס מען קען אראבנעהמען [פון עפעס]; וואס מען קען שליסען [פון עפעס].

gath'er breath (געטה'-ער ברעטה) אבכאפען דעם אטהעם, זיך אברוהען, זיך אבשטעלען אום זיך אבצורוהען אדער אום זיך צו בעטראכטען.

gath'ered to one's fa'thers (געטה'-ערד טו הוואנז פא'-טהערז) געשטארבען [ויאסף אל אבותיו].

gath'erer *n.* (געטה'-ער-ער) א זאמלער; א קאלעקטאר; א שניטער; אין בוכבינדעריי — איינער וואס לעגט צונויף אין ארדנונג די געדרוקטע בויגענס צום איינבינדען; א פאלדען=מאכער; אין גלאז=פאבריקאציאן — איינער וואס נעהמט ארויף צושמאלצען גלאז אויף א רעהר אדער אויף א שטיק אייזען [אום עס אויסצובלאזען].

gath'er flesh (געטה'-ער פלעש) צונעהמען אין געוויכט, ווערען פעטער.

gath'er ground (געטה'-ער גראונד) פראגרעסירען; האבען ערפאלג.

gath'er ground upon' (געטה'-ער גראונד א-פאן') איבעריאגען, איבערשטייגען, בעקומען די אויבערהאנד.

gath'ering *n.* (געטה'-ער-אינג) דאס זאמלען, אבקלייבען אדער קאלעקטירען; א מחנה; א פערזאמלונג; א זאמלונג; א ביישטייערונג; אן ענטצונדענער אדער אייטערדיגער געשוויר; דאס פאלדען; אין גלאז=פאבריקאציאן — דאס ארויסנעהמען צושמאלצען גלאז אויף'ן עק פון א שטיק אייזען אדער פון א רעהר [אום עס אויסצובלאזען].

gath'ering-board *n.* (געטה'-ער-אינג-באורד) אין בוכבינדעריי — א טיש [געוועהנליך אין דער פארם פון א פערדישער פאדקאווע], אויף וועלכען מען לעגט אויס די געדרוקטע בויגענס פון א בוך, ווען מען דארף זיי אויסזארטירען צום איינבינדען.

gath'ering clouds (געטה'-ער-אינג קלאודז) שלעכטע אויסזיכטען, א דראהענדער שטורם; אן אנהויפונג אדער אנזאמלונג פון וואלקענס.

gath'ering-i'ron *n.* (געטה'-ער-אינג-אי'—ערן) אין גלאז=פאבריקאציאן — א שטיק אייזען, אויף וועלכען מען נעהמט ארויף צושמאלצען גלאז [צום אויסבלאזען].

gath'ering-note *n.* (געטה'-ער-אינג-נאוט) אין זינגען — אן אונטערברעכונג, א פויזע, אום צו געבען די מעגליכקייט אלע זינגער אנצוהויבען ווייטער צו זינגען צוזאמען.

gath'ering-pal'let *n.* (געטה'-ער-אינג-פעל'-עט) דאס שפינדעל אין זייגערס וואס שטעלט אב דאס קלינגען.

gath'ering-place *n.* (געטה'-ער-אינג-פליים) א זאמעל=פלאץ, א פערזאמלונגס=פלאץ.

gath'ering-rod *n.* (געטה'-ער-אינג-ראד) ז. ***gathering-iron***.

gath'ering-string *n.* (געטה'-ער-אינג-סטרינג) א פאלדען=שנירעל [א שנירעל, אויף וועלכען מען קען צונויפציהען אין פאלדען פארהאנגען א. ד. ג.].

gath'ering-thread *n.* (געטה'-ער-אינג-טהרעד) א פאלדען=פארים [אויף וועלכען מען קלייבט אויף פעלדעלעך [ביים נעהען].

gath'er one's self togeth'er (געטה'-ער הוואנז סעלף טו-געטה'-ער) ז. ***gather one's self up***.

gath'er one's self up (געטה'-ער הוואנז סעלף אפ) זיך אננעהמען מיט כחות, אנשטרענגען אלע כחות.

gath'er pluck (געטה'-ער פלאק) פאסען מוטה.

gath'er strength (געטה'-ער סטרענגטה) ווידער קומען צו די קרעפטען.

gath'er to a curd (געטה'-ער טו ע קוירד) געריכט איינזייערען [וועגען מילך].

gath'er to a head (געטה'-ער טו ע העד) פארטיג ווערען, רייף ווערען; אויפרייסען [וועגען אייטערדיגע געשווירען].

ga'ti *n.* (גא'-טי) נאטי [אזא בוימוואל=צייג, נעמאכט אין אינדיען].

Gat'ling gun (געט'-לינג גאן) א געטלינג שיס=געוועהר [א שיס=געוועהר, וועלכע קען אויסשיסען ביז טויזענד קוילען אין א מינוט, ערפונדען פון געטלינג].

gat'tus *n.* (געט'-אס) א בעוועגליכע געביידע, וועלכע מען פלעגט אין מיטעלאלטער געברויכען ביי בעלאגערונגען.

gauche *a.* (גאוש) נעלינקס, אומגעלומפערט, ניט ריהרעוודיג; אין געאמעטריע—ניט אין גאנצען סימעטריש.

gaucherie' *n.* (גאו-שע-ריע') ניט=ריהרעוודינקייט, אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט.

gaud *n.* and *v.* (גאהד) א ציערונג, א שמוק=זאך, פליטערלעך; שפיעלעכלעך, נארישקייטען, קליינינקייטען [אלס ציערונג]; עטוואס מיט וואס מען ציערט זיך, מיט וואס מען פיינט זיך אויס אדער מיט וואס מען פרעהט זיך און שטאלצירט; זיך ציערען אין פערשיעדענע קליינינקייטען; זיך פארבען [דאס פנים].

gaud'-day *n.* (גאהד'-דיי) ז. ***gaudy-day***.

gaude *n.* (גאוד) א געלבליכע פארב געמאכט פון רעזעדא [אזא בלום].

gau'dery *n.* (גאה'-דער-אי) פוץ; שטאט.

gau'dily *adv.* (גאה'-די-לי) אויף א נעפוצטען, אויסגעציערטען שטייגער [הויפטזעכליך אהן געשמאק, בלויז אום צו ווארפען זיך אין די אויגען].

gau'diness *n.* (גאה'-די-נעס) פראכט [מעהרסטענטייל געשמאקלאזער]; פוסטער פוץ.

gaud'less *a.* (גאהד'-לעס) אהן בעציערונג, אהן פוץ.

gau'dy *a., n.* and *v.* (גאה'-די) בריליאנט, פראכטפאל, גלענצענד; געשמאקלאז אויסגעפוצט, וואולגאר=גלענצענד; א הוליאנקע, א קערמעשעל, אן אונטערהאלטונג [אן אויסדרוק אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען]; אויספוצען.

gau'dy-day *n.* (גאה'-די-דיי) א יום=טוב, א יומא דפגרא [הויפטזעכליך א יום=טוב, אן אונטערהאלטונג אין אן ענגלישען אוניווערזיטעט].

gauge *n.* (גיידזש) ז. ***gage***.

gauge'able *a.* (גיידזש'-עבל) ז. ***gageable***.

gaum *v.* (גאהם) שמירען [מיט א קלעפינער זאך]; טהאן עפעס ניט געשיקט, אומגעלומפערט.

gau'my *a.* (גאה'-מי) קלעפיג; אונגעלומפערט, אונגעשיקט.

gaunch *v.* and *n.* (גאהנטש) ז. ***ganch***.

gaunt *a.* (גאהנט) דאר, מאגער, דין, ביי־נערדיג; פערמארעט, אויסגעמאטערט; אויסגעמאגערט.

gaunt'let *n.* (גאהנט'־לעט) אן אייזערנע הענדשקע, וועלכע עס פלעגען טראגען אמאליגע ריטער; א הענדשקע מיט א ברייטען ראנד, וואס געהט ארויף אויף'ן ארבעל [ווערט געברויכט פון רייטער, פון אויטאמאביל־פאהרער א. ד. ג.]; דער מאנזשעט פון א הענדשקע; א הענדשקע מיט איין פינגער; אין כירורגיע — א באנדאזש, וועלכער וויקעלט ארום די האנד און די פינגער אין דער פארם פון א הענדשקע.



Gauntlets

gaunt'leted *a.* (גאהנט'־לעט־עד) וואס טראגט אן אייזערנע הענדשקע.

gaunt'ly *adv.* (גאהנט'־לי) מיט א פערמארעטען אויסזעהען; זעהר אויסגעמאגערט.

gaunt'ness *n.* (גאהנט'־נעס) מאגערקייט.

gaun'tree *n.* (גאהנ'־טריע) ז. *gauntry*

gaun'try *n.* (גאהנ'־טרי) דער באלקען אדער די פלאטפארמע, איבער וועלכער עס בעוועגט זיך הין און צוריק א הויב־מאשין אויף רעדלעך; א ראהם וואס לעגט זיך אונטער א פאס, כדי זי זאל שטעהן אונבעוועגט.

gauss *n.* (גאוס) אן איינהייט צו מעסטען די שטארקייט פון א מאגנעטישען פעלד [דיעזע איינהייט טראגט דעם נאמען פון דעם דייטשען מאטעמאטיקער קארל פרידריך גאוס].

Gaus'sian *a.* (גאו'־סי־ען) וואס איז שייך צום מאטעמאטיקער קארל פרידריך גאוס אדער צו זיינע ערפינדונגען.

gauze *n. and a.* (גאהז) גאז [א מין צייג פון א זעהר פיינעם געוועב]; מארלע, באנדאזש־שטאף; א גאזענער.

gauze'-ma'ker *n.* (גאהז'־מיי'־קער) איינער וואס וועבט גאז [זעהר א לייכטע און דינע צייג].

gauze'-silk *n.* (גאהז'־סילק) זיידען־גאז [זעהר פיין געוועבטע זייד].

gauze'-wire *n.* (גאהז'־הוואיר) דראטה־געוועב.

gau'zy *a.* (גאה'־זי) ווי גאז, ווי זעהר דין געוועבטע צייג.

gave (גייוו) ז. *give* געגעבען.

gav'el *n.* (געוו'־על) צאל, שטייער, אבגאבע; דער האמער פון א פארזיצענדען אין א פערזאמלונג.

gav'elkind *n.* (געוו'־על־קאינד) א גוט אדער פערמעגען, וועלכעס — נאך'ן טויט פון דעם אייגענטימער — געהט איבער בירושה נים צום עלטערען זוהן, נאר צו אלע זיהן אויף א גלייכען אופן און זיי קענען צוטיילען דאס גוט אויף גלייכע חלקים.

gavot' *n.* (גע־וואט') דער גאוואט [א פראנצויזישער טאנץ].

gawk *n.* (גאהק) דער קוקוק [א מין פויגעל]; א נאר; אן אומגעלומפערטער מענש.

gawk's er'rand (גאהקס ער'־ענד) ז. *fool's errand*

gaw'ky *a. and n.* (גאה'־קי) נאריש, אומגעלומפערט; א נאר, א תם.

gawn'tree *n.* (גאהנ'־טרי) ז. *gauntry*

gay *a.* (גיי) פרעהליך, לוסטיג, מונטער, לעבעדיג; בערוישט; מיט העלע פארבען, פון א העלען קאליר, גלענצענד; רייך געקליידעט; איבערגעגעבען צו תאוות; צימליך לאנג.

gay'ety *n.* (גיי'־אי־טי) פרעהליכקייט, מונטערקייט; גלאנץ.

gay'ly *adv.* (גיי'־לי) אויף א פרעהליכער, לוסטיגער ארט.

gay'ness *n.* (גיי'־נעס) ז. *gayety*

gay world (גיי הווארלד) די פרעהליכע יונגנט; די, וועלכע גיבען זיך נים אב מיט ערנסטע פראגען.

gaze *v. and n.* (גייז) קוקען מיט נייגעריגקייט; נים אראבנעהמען די אויגען; דאס קוקען מיט נייגעריגקייט; דאס נים אראבנעהמען דיא אויגען.

gaze'hound *n.* (גייז'־האונד) א הונד וואס שפירט נאך נאך עפעס און בענוצט דערביי מעהר דאס קוקען מיט די אויגען איידער דאס שמעקען מיט דער נאז.

gaze in won'der (גייז אין וואנ'־דער) קוקען מיט שטוינען פאר פערוואונדערונג.

gazel' *n.* (גע־זעל') ז. *gazelle*

gazelle' *n.* (גע־זעל') א גאזעל, א קליינע גראציעז־געבויטע אנטילאפע [א מין אפריקאנישער הירש].

Gazelles

ga'zer *n.* (גיי'־זער) איינער וואס קוקט מיט שטוינונג אדער וואס נעהמט די אויגען נים אראב.

gazette' *n. and v.* (גע־זעט') א גאזעט, א צייטונג; ארויסשטעלען אין א צייטונג, פערעפענטליכען; פובליצירען.

gazetteer' *n.* (געז־ע־טיער') א צייטונגס־שרייבער; א געאגראפישעס ווערטערבוך [א בוך פון נעמען פון לענדער, שטעדט, טייכען, בערג א. ז. וו.].

ga'zing-stock *n.* (גיי'־זינג־סטאק) א פערזאן אדער זאך, אויף וועלכער מען קוקט מיט נייגעריגקייט און וואונדער; א בייז־וואונדער.

G. B. ראשי תבות פון די ווערטער *Great Britain* [גרויס־בריטאניען].

G. B. and I. ראשי תבות פון די ווערטער *Great Britain and Ireland* גרויס־בריטאניען [ענגלאנד, שאטלאנד און וועלעס] און אירלאנד.

gear *n. and v.* (גיער) דאס זיין אין פאסענער ארדנונג, אויסריכטונג אדער אויסשטאטונג; אויסשטאטונג, אויסריכטונג [ווי קליידער, בעציערונגען, וואפען, געשפאן, א גאנג געצייג, אלע נויטיגע זאכען אויף א שיף א. ז. וו.]; טריעב־ווערק, די טיילען פון א מאשין וואס גיבען איבער די בעוועגונג פון איין טייל צום צווייטען; צאהן־רעדער פון מאשינען; די צוזאמענפאסונג פון צאהן־רעדער אין א מאשין; אויסשטאטען, אויסריכטען, בריינגען אין נויטיגער ארדנונג און צופאסונג [פאר א טהעטיגקייט]; צוזאמענפאסען טיילען פון מאשינעריע.

gear'-box *n.* (גיער'־באקס) דער קאסטען אין וועלכען עס ווערט איינגעפאסט די טריעב־ווערק אדער די טראנסמיסיאן־צאהן־רעדער פון א מאשין.

gear'-cut'ter *n.* (גיער'־קאט'־ער) א מאשין וואס שניידט אויס צייהנער אין צאהן־רעדער; איינער וואס שניידט צייהנער אין צאהן־רעדער.

gear'ing *n.* (גיער'־אינג) אויסשטאטונג, אויסריכטונג; קליידונג; געשפאן; טריעב־ווערק, די טיילען פון מאשינעריע וואס געבען איבער די בעוועגונג פון איין טייל צום צווייטען; טראנסמיסיאן־צאהן־רעדער.

gear in'to each oth'er (גיער אינ'־טו איטש אטה'־ער) זיך צופאסען, אריינגעהן איינע אין די אנדערע [ווי די צייהנער פון צאהן־רעדער].

geat *n.* (דזשיעט) דאס גים־לאך [די עפנונג דורך וועלכער מען גיסט אריין דאס צושמאלצענע מעטאל אין פורעם].

gec'conoid *a. and n.* (געק'־א־נאיד) וואס איז שייך צו די געקאס [אזא מין עקדישען אדער יאשטשערקעס]; א געקא. ז. *gecko*

geck *n. and v.* (געק) א נאר, א פראסטאק; פעראכטונג, גרינגשעצונג, שפאט; שאקלען מיט'ן קאפ אלס צייכען פון שפאט און פעראכטונג אדער אויס נארישקייט; שפאטען; חוזק מאכען, אבנארען.

gec'ko *n.* (געק'־או) א געקא [אזא עקדיש אדער יאשטשערקע].

gee *v. and int.* (דזשיע) שטימען; פאסען; זיך בעוועגען אויף איין זייט; זיך בעוועגען אדער קירעווען רעכטס [וועגען פערד]; רעכטס! גו, גיה! [אן אויסגעשריי פון פערד־טרייבער].

gee'-ho *v. and int.* (דזשיע'־האו) ז. *gee*

geese *n.* (גיעס) ז. *goose* געגנז.

geest *n.* (גיעסט) הויך, טרוקען, זאמדיג לאנד; אנגעשווענקטע ערד.

gee with (דזשיע הוויטה) צושטימען; דורכקומען.

We don't gee with our neighbors.

Gehen'na *n.* (גי־הענ'־א) גי־הינום [דער פלאץ אין ארץ ישראל וואו מען פלעגט ברייגנען מענשליכע קרבנות צום מולך]; דער גיהנום.

ge'ic *a.* (דזשי'־איק) וואס קומט פון דעם שטאף וואס בילדעט זיך פון פערפוילטע פלאנצען. ז. *humus*

ge'in *n.* (דזשי'־אין) א שטאף וואס בילדעט זיך פון פערפוילטע פלאנצען. ז. *humus*

gei'sha *n.* (גיי'־שא) א גיישא [א יאפאנעזישע טענצערין].

gel'ada *n.* (דזשעל'־ע־דא) אן אביסינישער באבון [אזא מאלפע].

gelatig'enous *a.* (דזשעל־ע־טידזש'־ע־נאס) וואס גיט ארויס זשעלאטין אדער זשעלע [א מין שטודען].

gel'atin *n. and a.* (דזשעל'־ע־טין) זשעלע אדער זשעלאטין [א מין שטודען ווי פערקיהלטע פוס־יויך]; וואס איז ענהליך צו זשעלאטין.

gelat'inate *v.* (דזשעל־עט'־אי־נייט) פערוואנדלען אין זשעלע אדער זשעלאטין; פערוואנדעלט ווערען אין זשעלאטין [אזא שטודען ווי פערקיהלטע פוס־יויך].

gelatina'tion *n.* (דזשעל־ע־טי־ניי'־שאן) פערוואנדלונג אין זשעלע אדער זשעלאטין [א מין שטודען].

gel'atine *n. and a.* (דזשעל'־ע־טין) ז. *gelatin*

gelatin'iform *a.* (דזשעל־ע־טינ'־אי־

פאָרם) עהנליך צו זשעלע אָדער זשעלאַ־טין [אַ מין שטודען].

gelatinig'erous *a.* (דזשעל־ע־טי־נידזש'־ע־ראַס) וואָס גיבען אַרויס פון זיך אַ זשעלאַטין־אַרטיגען אָדער שטודען־אַר־טיגען שטאָף [וועגען געוויסע אינפוזאָ־ריען].

gelatinisa'tion *n.* (דזשעל־ע־טין־אי־זיי'־שאַן) ז. *gelatination*

gelat'inise *v.* (דזשעל־עט'־אי־נאַיז) ז. *gelatinate*

gelatiniza'tion *n.* (דזשעל־ע־טין־אי־זיי'־שאַן) ז. *gelatination*

gelat'inize *v.* (דזשעל־עט'־אי־נאַיז) ז. *gelatinate*

gel'atinoid *a. and n.* (דזשעל'־ע־טי־נאָיד) וואָס איז עהנליך צו זשעלע אָדער זשעלאַטין [אַזאַ שטודען]; עטוואָס וואָס איז עהנליך צו זשעלאַטין.

gelat'inous *a.* (דזשע־לעט'־אי־נאַס) עהנליך צו זשעלאַטין אָדער זשעלע; וואָס איז שייך צו זשעלאַטין [אַזאַ שטודען].

gelat'inously *adv.* (דזשע־לעט'־אי־נאַס־לי) אַזוי ווי זשעלאַטין; אַזוי אַז עס זאָל ווערען ווי זשעלאַטין [אַזאַ שטודען].

gelat'inousness *n.* (דזשע־לעט'־אי־נאַס־נעס) דאָס בעשטעהן פון זשעלע אָדער זשעלאַטין [אַזאַ שטודען].

geld *v., a. and n.* (געלד) קאַסטרירען, בעשניידען, מאַכען אוים זכר [הויפּטזעכ־ליך אַ פערד]; אַרויסשניידען די אַלטע האָניג־צעלען פון אַ ביענשטאָק, אום צו מאַכען פּלאַץ פאַר נייע; יאַלאָווע, וואָס מעלקט זיך ניט [וועגען בהמות]; שטייער, אָבצאָהל.

gel'ded *a.* (געל'־דעד) קאַסטרירט, גע־מאַכט אוים זכר [הויפּטזעכליך וועגען פערד].

gel'der *n.* (געל'־דער) איינער וואָס קאַסטרירט, בעשניידט חיות [מאַכט פאַר אוים זכר].

gel'ding *n.* (געל'־דינג) אַ קאַסטרירטע חיה [אַ בעשניטענע, וואָס איז געמאַכט פאַר אוים זכר]; אַ קאַסטרירטער אָגער [פערד].

gel'id *a.* (דזשעל'־איד) קאַלט, אייזיג קאַלט.

gelid'ity *n.* (דזשע־ליד'־אי־טי) קעלט, קאַלטקייט; פראָסטיגקייט.

gel'idly *adv.* (דזשעל'־איד־לי) אויף אַ קאַלטען, אייזיגען אָדער פראָסטיגען שטייגער.

gel'idness *n.* (דזשעל'־איד־נעס) ז. *gelidity*

gelos'copy *n.* (דזשע־לאָס'־קאָ־פּי) די קונסט צו בעשטימען אימעצענס כאַראַק־טער לויט זיין מאַניער צו לאַכען.

gem *n. and v.* (דזשעם) אַן עדעלשטיין; אַ קליינער זאַרט דרוק־שריפט; אַ קיכעל; בעזעצען מיט עדעלשטיינער; פערציערען [ווי מיט עדעלשטיינער].

Gema'ra *n.* (גע־מאַ'־ראַ) גמרא.

Gemar'ic *a.* (גע־מער'־איק) וואָס איז שייך צו גמרא.

gema'tria *n.* (גי־מיי'־טרי־אַ) אַ גמטריא [אַ סיסטעם אין ביבלישע פּירושים צו פערבייטען איין וואָרט מיט'ן צווייטען, ווען די צאָהל, וועלכע עס בע־דייטען די אותיות פון איין וואָרט איז גלייך צו דער צאָהל, וועלכע עס בעדייטען די אותיות פון צווייטען וואָרט].

gem'-cutting *n.* (דזשעם'־קאַט־אינג) דאָס שלייפען עדעלשטיינער.

gem'el *n.* (דזשעמ'־על) אַ צווילינג.

gemellip'arous *a.* (דזשעם־ע־ליפּ'־ע־ראַס) וואָס ברייננט אַרויס צווילינגען.

gem'el-ring *n.* (דזשעמ'־על־רינג) אַ רינג וואָס בעשטעהט פון צוויי אָדער עט־ליכע רינגלעך.

gem'el-win'dow *n.* (דזשעמ'־על־ווינ'־דאָו) אַ פענסטער מיט צוויי נישען [צווישענרוימען אָדער פערטיפונגען].

gem'inate *v. and a.* (דזשעמ'־אי־נייט) פערדאָפּעלט ווערען; דאָפּעלט; וואָס איז פּאָרוויוז.

gem'inately *adv.* (דזשעמ'־אי־נייט־לי) פּאָרוויוז, אין צווייען.

gemina'tion *n.* (דזשעם־אי־ניי'־שאַן) אַ פערדאָפּלונג; אַ ווידערהאָלונג [אַ־בערהויפּט פון אַ וואָרט]; די פערדאָפּ־לונג פון אַ קאָנזאָנאַנט אין אַ וואָרט [ווי *mm* אין *letter* אָדער *tt* אין *hammer* א. ד. ג.]; דאָפּעלטע קאָנזאָ־נאַנטען.

gem'inative *a. and n.* (דזשעמ'־אי־ניי־טיוו) וואָס איז געדאָפּעלט; וואָס ווי־דערהאָלט זיך; אַ דאָפּעלטער בוכשטאַב.

Gem'ini *n. and int.* (דזשעמ'־אי־נאַי) מזל תאומים [אַן אַסטראָנאָמיש שטערען־בילד] הימעל! [אַלס אויסרוף אָדער שבועה].

gem'inous *a.* (דזשעמ'־אי־נאַס) דאָ־פּעלט; וואָס קומט פּאָר פּאָרוויוז.

gem'iny *n. and int.* (דזשעמ'־אי־ני) אַ פּאָר; אַ פּאָר אויגען; הימעל! [אַלס אויסרוף אָדער שבועה].

gem'ma *n.* (דזשעמ'־אַ) אַ קנאָספּע, אַ שפּראָץ־אויגעל [ביי פלאַנצען].

gem'mate *a.* (דזשעמ'־אייט) וואָס גיט אַרויס קנאָספּען אָדער שפּראָץ־אויגעלעך [וועגען פלאַנצען].

gemma'tion *n.* (דזשע־מיי'־שאַן) די בילדונג פון קנאָספּען אָדער שפּראָץ־אוי־געלעך [ביי פלאַנצען]; דאָס פּרוכפּערען זיך פון געוויסע בעשעפּענישען דורך דעם וואָס איין אָרגאַניזם וואַקסט אַרויס ווי אַ קנאָספּע פון דעם צווייטען און טיילט זיך פון איהם נאָכדעם אין גאַנצען אָב אָדער נור טיילוויז, ווי דאָס איז ביי די פּאָלי־פּען פון קאָראַלען. דיעזע פּרוכפּערונג איז ניט קיין געשלעכטליכע.

gemmed *a.* (דזשעמד) בעדעקט מיט עדעלשטיינער, דימענטען אָדער פּעריל.

gem'meous *a.* (דזשעמ'־אי־אַס) וואָס געהערט צו עדעלשטיינער אָדער דימענ־טען; עהנליך צו דימענטען.

gemmif'erous *a.* (דזשע־מיפ'־ע־ראַס) וואָס גיט אַרויס קנאָספּען אָדער שפּראָץ־אויגלעך.

gem'miform *a.* (דזשעמ'־אי־פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון אַ קנאָספּע אָדער שפּראָץ־אויגעל.

gem'miness *n.* (דזשעמ'־אי־נעס) דאָס זיין בעזעצט מיט דימענטען; דאָס שיי־נען אָדער פינקלען ווי דימענטען; דאָס זיין נעט אָדער זויבער.

gem'moid *a.* (דזשעמ'־איד) עהנליך צו אַ קנאָספּע אָדער שפּראָץ־אוי־געל.

gemmula'tion *n.* (דזשעם־יו־ליי'־שאַן) ז. *gemmation*

gem'mule *n.* (דזשעמ'־יול) אַ קליינע קנאָספּע אָדער שפּראָץ־אויגעל; אין זאָאָ־לאָגיע — אַ קליינער קנאָספּען־אַרטיגער צוואוואוקס אויף אַן אָרגאַניזם פון וועל־כען עס בילדעט זיך אוים אַ זעלבסטשטענ־דיגער אָרגאַניזם [ווי אַ פּאָליפּ אויף אַ קאָראַל].

gem'my *a.* (דזשעמ'־אי) בעזעצט מיט דימענטען; וואָס פינקעלט ווי דימענטען; נעט, זויבער.

gemot' *n.* (גע־מאָוט') אַ פאָלקס־פער־זאַמלונג.

gems'bok *n.* (געמז'־באָק) די שפּיעז־געמזע [אַזאַ זיד־אַפריקאַנישער הירש מיט לאַנגע גראָדע שפּיציגע הערנער].

Gemsbok

gem'-stone *n.* (דזשעמ'־סטאָון) אַן עדעלשטיין, אַ דימענט.

gendarme' *n.* (דזשען־דאַרם') אַ זשאַנ־דאַרם.

gendar'merie *n.* (דזשען־דאַר'־מע־ריע) זשאַנדאַרמעריע.

gendar'mery *n.* (דזשען־דאַר'־מע־רי) ז. *gendarmerie*

gen'der *n. and v.* (דזשענ'־דער) גע־שלעכט [מין זכר אָדער מין נקבה]; זיך פּאָרען [ווי אַ זכר מיט אַ נקבה]; קינד־לען.

gen'derless *a.* (דזשענ'־דער־לעס) אין גראַמאַטיק — וואָס האָט ניט קיין בע־שטימטען מין [וועגען ווערטער וואָס זיי־נען ניט בעשטימט אויב זיי זיינען מין זכר אָדער מין נקבה].

genealog'ic *a.* (דזשענ־אי־ע־לאָדזש'־איק) ז. *genealogical*

genealog'ical *a.* (דזשענ־אי־ע־לאָדזש'־אי־קעל) גענעאַלאָגיש, וואָס איז שייך צום סדר היחוס אָדער צום שטאַם־בוים.

genealog'ically *adv.* (דזשענ־אי־ע־לאָדזש'־אי־קעל־אי) אויף אַ גענעאַלאָגי־שען אופן, אין בעצוג צו גענעאַלאָגיע [סדר היחוס].

genealog'ical tree (דזשענ־אי־ע־לאָדזש'־אי־קעל טריע) דער סדר היחוס; דער שטאַם־בוים.

geneal'ogist *n.* (דזשענ־אי־על'־אָ־דזשיסט) אַ גענעאַלאָג, איינער וואָס שטו־דירט אָדער שרייבט וועגען גענעאַלאָגיע.

geneal'ogize *v.* (דזשענ־אי־על'־אָ־דזשאַיז) אונטערזוכען אָדער שטודירען דעם סדר היחוס אָדער די אָבשטאַמונג פון אימעצען.

geneal'ogy *n.* (דזשענ־אי־על'־אָ־דזשי) גענעאַלאָגיע, די בעשרייבונג אָדער די היס־טאָריע פון אימעצענס אָבשטאַמונג; דער סדר היחוס.

gen'era *n.* (דזשענ'־ע־ראַ) מינים, גאַ־טונגען.

generabil'ity *n.* (דזשענ־ע־רע־ביל'־אי־טי) דאָס קענען געבאָרען ווערען; דאָס קענען אָבשטאַמען.

gen'erable *a.* (דזשענ'־ע־רעבל) וואָס

GEMS


Topaz
Sapphire
Topaz
Lapis-lazuli
Spinel
Diam
Emerald
Chrysoprase
Almandine or Nob
Tourmaline
Tourmaline



Topaz

Ruby

Amethyst

Turquoise

Hyacinth

Garnet

Opal

et

Chrysoberyl

Aquamarine

Heliotrope or Bloodstone

קען געבארען ווערען; וואס קען געבראכט ווערען אויף דער וועלט דורך געבורט.

gen'eral *a., n. and v.* (דזשענ'-ע-רעל) אלגעמיין; געוועהנליך; דאס אלגעמיינע; א גענעראל; א פויק-מארש; קאמאנדירען ווי א גענעראל.

gen'eral accep'tance (דזשענ'-ע-רעל עק-סעפ'-טענס) אן אונבעדינגטע אננאהמע, דאס אננעהמען אהן וועלכע עס איז בעדינגונגען [וועגען א וועקסעל].

gen'eral a'gent (דזשענ'-ע-רעל איי'-דזשענט) א גענעראל-אגענט, א הויפט-אגענט.

gen'eral anæsthe'sia (דזשענ'-ע-רעל ען-עס-טהי'-סי-ע) אן אלגעמיינע אנעסטעזיע, אזא אונעמפפינדליכקייט פון קערפער, ווען דער מענש פערלירט דעם גאנצען בעוואוסטזיין [ווי ביי כלאראפארמירען א. ד. ג.].

gen'eral assem'bly (דזשענ'-ע-רעל ע-סעמ'-בלי) א גענעראל-פערזאמלונג, אן אלגעמיינע פערזאמלונג.

Gen'eral Assem'bly (דזשענ'-ע-רעל ע-סעמ'-בלי) דער העכסטער טריבונאל פון דער פרעסביטעריאנער קירך וועלכער האלט אב זיינע פערזאמלונגען איין מאל יעהרליך; א פארלאמענט פון אן איינצעלנעם שטאאט אין די פראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא.

gen'eral av'erage (דזשענ'-ע-רעל עוו'-ע-רעדזש) דער פערלוסט וואס יעדער פון די פראכט-אייגענטימער פון א שיף טראגט, לויט דער פראפארציע פון זיינע סחורות, צו דעקען די קאסטען וואס די שיף האט געמאכט צו ראטעווען די אלגעמיינע לאדונג [ווי אין דער צייט פון א שיפס-אונגליק, ווען מען דארף א טייל פון דער פראכט ארויסווארפען אדער רופען צו הילף אן אנדער שיף א. ד. ג.].

gen'eral con'ference (דזשענ'-ע-רעל קאנ'-פע-רענס) אן אלגעמיינע קאנפערענץ; די גענעראל-פערזאמלונג פון די פארשטעהער פון דער מעטאדיסטישער קירך.

gen'eral deliv'ery (דזשענ'-ע-רעל די-ליוו'-ער-אי) פאסט-רעסטאנט [בריעף וועלכע ווערען ניט פאנאנדערגעטראגען פון בריעף-טרעגער נאר ווערען אבגענומען פערזענליך פון פאסט-קאנטאר].

generalis'simo *n.* (דזשענ'-רע-ליס'-אי-מאו) א גענעראליסימוס, א הויפט-קאמאנדיר.

gen'eral is'sue (דזשענ'-ע-רעל איש'-אוה) אין געריכטס-פראצעסען — אן איינפאכע אבלייקענונג פון א קלאגע אדער פון א תביעה.

general'ity *n.* (דזשענ'-ע-רעל'-אי-טי) דאס אלגעמיינע; די אלגעמיינהייט; דער גרעסטער טייל, דער הויפט-טייל.

gen'eralizable *a.* (דזשענ'-ע-רעל-אי-זעבל) וואס קען פעראלגעמיינערט ווערען אדער געבראכט ווערען אונטער אן אלגעמיינעם כלל.

generaliza'tion *n.* (דזשענ'-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) די פעראלגעמיינערונג; דאס ברייננען אונטער אן אלגעמיינעם כלל.

gen'eralize *v.* (דזשענ'-ע-רעל-איז) פעראלגעמיינערען; ברייננען אונטער אן אלגעמיינעם כלל; מאכען אלגעמיין.

gen'eralized *a.* (דזשענ'-ע-רעל-איזד) פעראלגעמיינערט; איינפאך, פרימיטיוו [וועגען ארגאניזמען].

gen'eralizer *n.* (דזשענ'-ע-רעל-אי-זער) איינער וואס גענעראליזירט אדער פעראלגעמיינערט.

gen'erally *adv.* (דזשענ'-ע-רעל-אי) אויף אן אלגעמיינער ארט; אין אלגעמיין; בכלל; איבערהויפט; מייסטענס.
I generally take my vacations in August.

gen'eralness *n.* (דזשענ'-ע-רעל-נעס) אלגעמיינהייט.

gen'eral of'ficer (דזשענ'-ע-רעל אפ'-איס-ער) אן אויבער-אפיציער, א גענעראל; אן אויבער-בעאמטער.

gen'eral or'der (דזשענ'-ע-רעל אר'-דער) אן אלגעמיינער בעפעהל; א בעפעהל וואס ווערט ארויסגעגעבען צו דער גאנצער ארמעע.

gen'eral post'-of'fice (דזשענ'-ע-רעל פאוסט-אפ'-איס) די הויפט-פאסט-קאנטאר [אין א גרויסער שטאדט וואו עס זיינען פאראן מעהרערע פאסט-אבטיילונגען].

gen'eral practi'tioner (דזשענ'-ע-רעל פרעק-טיש'-אנ-ער) א דאקטאר וואס בעהאנדעלט אלע קראנקהייטען [אין געגענזאץ צו א ספעציאליסט, וואס בעהאנדעלט נור געוויסע קראנקהייטען, פאר וועלכע ער האט זיך ספעציאליזירט].

gen'eral prin'ciple (דזשענ'-ע-רעל פרינ'-סיפל) אן אלגעמיינער פרינציפ, אן אלגעמיינער כלל.

gen'eral pub'lic (דזשענ'-ע-רעל פאב'-ליק) דאס אלגעמיינע פובליקום.

gen'eralship *n.* (דזשענ'-ע-רעל-שיפ) דאס אמט פון א גענעראל; די לייטונג אדער די אנפיהרונג פון אן ארמעע; די מיליטערישע געשיקטהייט אדער פעהיגקייטען פון א קאמאנדיר אנצופיהרען אן ארמעע.

gen'eral term (דזשענ'-ע-רעל טוירם) א געריכטס-זיצונג וואס ווערט אבגעהאלטען פון אלע ריכטער אדער פון דעם גרעסטען טייל פון זיי פאר אפעלאציאנס-צוועקען.

gen'eral treat (דזשענ'-ע-רעל טריעט) א פונדע פאר'ן גאנצען עולם [דאס שטעלען משקה פאר אלעמען].

gen'eral weal (דזשענ'-ע-רעל וויעל) דאס אלגעמיינע וואהל.

gen'erant *a. and n.* (דזשענ'-ע-רענט) וואס שאפט; וואס פראדוצירט; וואס ענטוויקעלט פון זיך; אין געאמעטריע — די גענעראטריקס אדער די ערציינגענדע ליניע [די ליניע, וועלכע בילדעט אוים דורך איהר בעוועגונג א נייע געאמעטרישע פיגור].

gen'erate *v.* (דזשענ'-ע-רייט) געבעהרען; ארויסברייננען; פראדוצירען; ברייננען צו עקזיסטענץ; פעראורזאכען; אויסבילדען.

gen'erate steam (דזשענ'-ע-רייט סטיעם) פערוואנדלען וואסער אין דאמפף דורך היץ.

gen'erating fig'ure (דזשענ'-ע-ריי-טינג פיג'-יור) אין געאמעטריע — א פיגור, וועלכע בעוועגט זיך און מיט איהר בעוועגונג בילדעט זי אוים אן אנדער געאמעטרישע פיגור.

gen'erating line (דזשענ'-ע-ריי-טינג לאין) אין געאמעטריע—די ליניע, וועלכע בעוועגט זיך און מיט איהר בעוועגונג בילדעט זי אוים אדער בעשרייבט א פלעכע.

gen'erating sur'face (דזשענ'-ע-ריי-טינג סויר'-פיים) די הייץ-פלעכע אין א קעסעל [די פלעכע פון קעסעל וועלכע ווערט בעריהרט פון פלאם].

genera'tion *n.* (דזשענ'-ע-ריי'-שאן) די פרוכפערונג, פערמעהרונג; די געבעהרונג, די ארויסברייננגונג; אין מאטעמאטיק — די אויסבילדונג אדער בעשרייבונג פון א געאמעטרישער פיגור דורך דער בעוועגונג פון א פונקט, ליניע אדער פלעכע; א גענעראציע, א דור; א מין, א פאמיליע, א ראסע.

gen'erative *a.* (דזשענ'-ע-ריי-טיוו) געבעהרענד; ארויסברייננענד; וואס איז שייך צו פרוכפערונג אדער פערמעהרונג.

gen'erator *n.* (דזשענ'-ע-ריי-טאר) א גענעראטאר [אן עלעקטרישע מאשין וואס פראדוצירט אן עלעקטרישען שטראם]; א דאמפף-קעסעל; יעדע זאך וואס פעראורזאכט אדער ברייננט ארויס עפעס; אין מוזיק — א טאן, וועלכער ענטוויקעלט פון זיך א רייה פון הארמאנישע קלאנגען; אין מאטעמאטיק — א גענעראטריקס אדער א געאמעטרישע פיגור, וועלכע בעשרייבט דורך איהר בעוועגונג אן אנדער פיגור; אין כעמיע — די עלעמענטען, פון וועלכע מען בעקומט א מעהר קאמפליצירטען כעמישען שטאף.

gen'eratrix *n.* (דזשענ'-ע-ריי-טריקס) אין מאטעמאטיק — די גענעראטריקס [דער פונקט, ליניע אדער פיגור, וועלכע בילדען אוים אדער בעשרייבען ביי זייער בעוועגונג אנדערע געאמעטרישע פיגורען]; א גענעראטאר [אן עלעקטרישע מאשין, וועלכע פראדוצירט אן עלעקטרישען שטראם].

gener'ic *a.* (דזשי-נער'-איק) וואס געהערט צו א געשלעכט [צום מין זכר אדער נקבה]; וואס איז שייך צו א כלל און ניט צו א פרט; וואס איז כאראקטעריזירט מיט אלע פרטים.

gener'ically *adv.* (דזשי-נער'-אי-קעל-אי) לויט די געשלעכטער, לויט דער פערטיילונג אויף מין זכר און מין נקבה; פאלשטענדיג, אין אלע אופנים.

generos'ity *n.* (דזשענ-ע-ראס'-אי-טי) גרויסמוטה, עדעלמוטה; פרייגעביגקייט.

gen'erous *a.* (דזשענ'-ע-ראס) גרויסמוטיג, עדעלמוטיג; פרייגעביג; עהרענהאפט; מיט אן איידעלען כאראקטער; שטארק [ווי וויין]; פול; מיט א ברייטער האנד.

gen'erously *adv.* (דזשענ'-ע-ראס-לי) אויף א גרויסמוטיגען, איידעלען אופן; מיט א ברייטער האנד.

gen'erousness *n.* (דזשענ'-ע-ראס-נעס) ז. *generosity*.

gen'erous wine (דזשענ'-ע-ראס וואין) שטארקער וויין.

gen'esis *n.* (דזשענ'-ע-סיס) די ארויסקומונג, די ארויסשטאמונג, די אויסבילדונג, די בעשאפונג; די ערקלערונג אדער ערצעהלונג וועגען דער ענטשטעהונג פון עפעס; אין מאטעמאטיק — די אויסבילדונג אדער בעשרייבונג פון א פלעכע דורך דער בעוועגונג פון א ליניע.

Gen'esis *n.* (דזשענ'-ע-סיס) דאס ערשטע בוך פון חומש [ספר בראשית].

gen'et *n.* (דזשענ'-עט) א קליין שפאניש פערד; די גענעט [א מין ווילדע קאץ פון דרום-אייראפא און צפון-אפריקא]; די רויכווארג פון א גענעט-קאץ.

Genet

geneth'liac *a. and n.* (דזשי-נעטה'-לי-עק) וואס איז שייך צו איינעמס געבורטס-טאג; אין אסטראלאגיע — וואס איז שייך

צו איינעמס מזל לויט דער לאגע פון די שטערען אין דעם טאג פון זיין געבורט; א געדיכט וואס איז געשריבען צו איינעמס געבורטס-טאג; איינער וואס זאגט נביאות וועגען דעם צוקונפטיגען לעבען פון א קינד לויט דער לאגע פון די שטערען אין דעם מאמענט פון דעם קינד'ס געבורט.

genethli'acal *a.* (דזשענ-עטה-לאי'-ע-קעל) ז. ***genethliac***

genethlial'ogy *n.* (דזשי-נעטה-לי-על'-א-דזשי) נאטיוויטעט-שטעלעריי [דאס נביאות זאגען וועגען דער צוקונפט פון א קינד לויט דער לאגע פון די שטערען אין דעם מאמענט ווען דאס קינד איז געבארען געווארען].

genet'ic *a.* (דזשי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג אדער ארויסשטאמונג פון עפעס.

genet'ical *a.* (דזשי-נעט'-אי-קעל) ז. ***genetic***

genet'ically *adv.* (דזשי-נעט'-אי-קעל-אי) לויט דער ענטשטעהונג; דורך דער ארויסשטאמונג.

Gene'van *a. and n.* (דזשי-ני'-וועןן) וואס איז שייך צו גענף אדער זשענעווע [א שטאדט אין דער שווייץ]; אן איינוואהנער פון גענף; אן אנהענגער פון דער גענפישער אדער קאלוויניסטישער רעליגיאנס-לעהרע; א קאלוויניסט.

Gene'vanism *n.* (דזשי-ני'-וועןן-איזם) קאלוויניזם, די רעליגיאנס-לעהרע פון קריסטליכען רעפארמער קאלווין פון גענף.

Genevese' *a. and n.* (דזשענ-אי-וויעס') ז. ***Genevan***

ge'nial *a.* (דזשי'-ני-על) 1. גינסטיג, פריינדליך; פרעהליך, לעבעדיג, לוסטיג; וואס בעלעבט, וואס ערמונטערט; 2. וואס איז שייך צו הייראט; וואס ענטשטעהט פון געשלעכטליכען צוזאמענפארען; ארויסברייננענד, געבעהרענד; וואס איז שייך צו דער מארדע [קין].

1. He is of a genial disposition.

genial'ity *n.* (דזשי-ני-על'-אי-טי) גינסטיגקייט, פריינדליכקייט, הערצליכקייט.

ge'nially *adv.* (דזשי'-ני-על-אי) אויף א לעבעדיגער, לוסטיגער אדער פריינדליכער ארט.

ge'nialness *n.* (דזשי'-ני-על-נעס) ז. ***geniality***

ge'nial pow'er (דזשי'-ני-על פאו'-ער) די שאפענדע קראפט.

genic'ulate *a. and v.* (דזשי-ניק'-יו-לייט) קנעכעלדיג; מיט קנעכלעך אדער קניפלעך; וואס האט די פארם פון אן אויסגעבויגענער קניע; אויסבויגען אין דער פארם פון א קניע; מאכען קנעכעלדיג אדער קניפעלדיג.

genic'ulated *a.* (דזשי-ניק'-יו-ליי-טעד) ז. ***geniculate***

genic'ulately *adv.* (דזשי-ניק'-יו-לייט-לי) אויף אן אויסגעבויגענעם אופן; מיט קנעכלעך אדער קניפלעך; אין דער פארם פון א קניע.

genicula'tion *n.* (דזשי-ניק-יו-ליי'-שאן) דאס האבען קנעכלעך; דאס זיין אויסגעבויגען ווי א קניע.

gen'ital *a.* (דזשענ'-אי-טעל) געבירטליך, וואס איז שייך צו קינדער-געבורט; וואס איז שייך צו די געבורטס-ארגאנען.

gen'itals *n.* (דזשענ'-אי-טעלז) געבורטס-ארגאנען; די אויסערליכע געשלעכטס-ארגאנען.

gen'iting *n.* (דזשענ'-אי-טינג) יאהאניס-עפעל [א זארט עפעל וואס ווערט רייף פריה אין זומער].

gen'itive *n. and a.* (דזשענ'-אי-טיוו) אין גראמאטיק — דער געניטיוו, די פארם פון א הויפטווארט, ביייווארט אדער פירווארט, וועלכע בעצייכענט די שייכות אדער געהעריגקייט פון איין זאך צו דער צווייטער [ווי למשל: דעם פאטער'ס הויז, ביי מיינע עלטערען, פון גוטע קינדער]; וואס איז שייך צום געניטיוו; וואס בעצייכענט שייכות אדער געהעריגקייט.

ge'nius *n.* (דזשי'-ניאס) א זשעניע, א גייסט אדער גאטהייט, וואס הערשט איבער א בעשטימטען ארט אדער געביעט [לויט די פארשטעלונגען פון די אלטע פעלקער]; די גאבע; טאלאנט; די גייסטיגע אייגענטימליכקייטען; א מענש מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, א גאון; גאונות; א סימבאל, א פערקערפערונג.

ge'nius lo'ci (דזשי'-ניאס לאו'-סי) אין דער אלט-רוימישער מיטאלאגיע — דער שוץ-גאט פון א געוויסען ארט אדער געגענד.

ge'nius of the time (דזשי'-ניאס אוו טהי טאים) דער צייטגייסט.

geni'za *n.* (גע-ני'-זא) גניזה, אן ארט אין א סינאגאגע אדער בית-מדרש, וואו אידען האלטען צוריסענע שמות פון ספרים, צושעדיגטע מאנוסקריפטען א. ד. ג.

geni'zah *n.* (גע-ני'-זא) ז. ***geniza***

gen're *n.* (זשאנר) דער זשאנר, א געוויסער סטיל אין מאלעריי צו מאלען בילדער פון איינפאכען טאג-טעגליכען לעבען, האלטענדיג זיך טריי אן דער ווירקליכקייט.

gens *n.* (דזשענז) אין די פארהיסטארישע צייטען — א שבט אדער משפחה פון קרובים אדער בלוט-אייגענע; אין אלטען רוים — א משפחה אדער פעראייניגונג פון עטליכע פערוואנדטע פאמיליעס.

gent *n.* (דזשענט) אן אבקירצונג פון דעם ווארט ***gentleman***

genteel' *a.* (דזשענ-טיעל') גוט ערצויגען, ארטיג, עדעל, אנשטענדיג; העפליך; עלעגאנט, מאדיש.

genteel' com'edy (דזשענ-טיעל' קאמ'-ע-די) ניט קיין וואולגארע קאמעדיע.

genteel'ly *adv.* (דזשענ-טיעל'-לי) אן אנשטענדיגען, עלעגאנטען אדער פיינעם אופן.

gen'tian *n.* (דזשענ'-שיען) דער ביטער-ווארצעל [א מין דרום-אייראפעאישע פלאנצע מיט הימעל-בלויע בליטהען. ווערט בענוצט אין מעדיצין].

Gentian

Gen'tile *n. and a.* (דזשענ'-טאיל) איינער וואס איז ניט קיין איד; א הייד, א געצענדיענער; א גוי; ביי די מארמאנען אין אמעריקא — דער וואס בעלאנגט ניט צו זייער סעקטע; היידניש, גוי'איש, געצענדיענעריש.

gen'tile *a. and n.* (דזשענ'-טיל) וואס בעלאנגט צו א שבט אדער משפחה; פון דעמזעלביגען שבט אדער משפחה; א מיטגליעד פון א שבט אדער משפחה; אין גראמאטיק — א שטאם-נאמען [א נאמען, וועלכער בעצייכענט א מענשען, אויף וויפיעל ער בעלאנגט צו א געוויסען פאלק, לאנד אדער שבט, ווי למשל: אן ענגלענדער, אן אמעריקאנער א. ד. ג.].

gen'tilism *n.* (דזשענ'-טאיל-איזם) דאס בעלאנגען ניט צום אידישען פאלק; היידענטום; גוי'אישקייט; דאס לעבען אין אבגעזונדערטע משפחות אדער שבטים.

gentili'tious *a.* (דזשענ-טי-ליש'-אס) וואס געהערט צו א פאלק; וואס איז אייגענטימליך פאר א פאלק, משפחה אדער שבט.

gentil'ity *n.* (דזשענ-טיל'-אי-טי) עלעגאנץ, ארטיגקייט, עדעלקייט, אנשטענדיגקייט.

gen'tilize *v.* (דזשענ'-טי-לאיז) פיהרען א לעבען פון א גוי אדער געצענדיענער.

gen'tle *a., n. and v.* (דזשענ'טל) פון גוטער אבשטאמונג; וואס איז שייך צו גוטער אבשטאמונג; פארנעהם; רעספעקטאבעל; עדעל, גוט-ערצויגען; העפליך, פריינדליך, ליעבליך, מילד, זאנפט, גוטמוטיג; געצוימט, געלערענט [וועגען חיות]; רוהיג, פריעדליך; שטופענווייז, לייכט, ניט רייסענד [אין פארם, אויסזעהן א. ד. ג.]; א פאלק [אזא רויב-פויגעל] וואס איז געלערענט פאר יאגד אויף אנדערע פויגעל; דאס ווערימעל פון א פליעג וואס ווערט געברויכט ביים פיש-פאנג; מאכען עדעל, פיין, גוט-ערצויגען; מאכען ווייכער אדער זאנפטער; צוימען.

gen'tle arrest' (דזשענ'טל ע-רעסט') א ניט שטרענגער ארעסט [אין מיליטער].

gen'tle as day (דזשענ'טל עז דיי) מילד ווי דער טאג.

gen'tle blood (דזשענ'טל בלאד) אדעל-בלוט.

gen'tlefolk *n.* (דזשענ'טל-פאוק) אנשטענדיגע, עדעלע מענשען.

gen'tle gale (דזשענ'טל גייל) א זאנפט, אנגענעהם ווינטעל.

gen'tle-hear'ted *a.* (דזשענ'טל-הארט'-עד) גוטהערציג.

gen'tle hint (דזשענ'טל הינט) אן עדעלע אנצוהערעניש.

gen'tleman *n.* (דזשענ'טל-מען) א דזשענטעלמאן; א גוט-ערצויגענער, עהרענהאפטער, עדעלער מענש; א הערר; א מאן פון גוטער אבשטאמונג; א לייב-דיענער פון א פארנעהמער פערזאן, א קאמער-דיענער.

gen'tleman-at-arms' *n.* (דזשענ'טל-מען-עט-ארמז') א ספעציעלע קעניגליכע לייב-וואך אין ענגלאנד וואס בעגלייט דעם קעניג נור ביי געוויסע צערעמאניעס [בעשטעהט פון 40 פערזאן].

gen'tleman born (דזשענ'טל-מען בארן) א בעל-יחוס.

gen'tleman far'mer (דזשענ'טל-מען פאר'-מער) איינער וואס בעארבייט לאנד אלס צייט-פערטרייב.

gen'tlemanhood *n.* (דזשענ'טל-מען-הוד) פיינקייט, עדעלקייט.

gen'tlemanize *v.* (דזשענ'טל-מען-איז) מאכען פאר א פיינעם מענשען.

gen'tlemanlike *a.* (דזשענ'טל-מענ- לאיק) ז. *gentlemanly*

gen'tlemanliness *n.* (דזשענ'טל-מענ- לי-נעס) גוט-ערצויגענהייט, ערלעכקייט, פיינקייט.

gen'tlemanly *a.* (דזשענ'טל-מענ-לי) גוט ערצויגען, פיין, עדעל.

gen'tleman of the gown (דזשענ'טל- מען אוו טהי גאון) א רעכטס-געלעהרטער, א יוריסט.

gen'tleman of the long robe (דזשענ'טל-מען אוו טהי לאהנג ראוב) א יוריסט, א רעכטס-געלעהרטער.

gen'tleman play'er (דזשענ'טל-מען פליי'-ער) אן אקטיאר א דילעטאנט [ניט קיין פאכמאן].

gen'tleman's hours (דזשענ'טל-מענז אורז) שפעטע נאכט-שטונדען [נאך האל- בער נאכט].

gen'tleman ush'er (דזשענ'טל-מען אש'-ער) א קאמפעלדיענער; א לייב-דיע- נער פון א פארנעהמער פערזאן.

gen'tleness *n.* (דזשענ'טל-נעס) עדעל- קייט, ווייכקייט, מילדקייט, זאנפטקייט, גוטסקייט, ליעבליכקייט; דעליקאטנעקייט; דאס זיין ניט רייסענד [אין אויסזעהן, פארם א. ד. ג.].

gen'tle pas'sion (דזשענ'טל פעש'-אן) ליעבע.

gen'tle slope (דזשענ'טל סלאופ) א ניט שטארקע משופע'דיגקייט; א שטופענווייזע, לייכטע משופע'דיגקייט.

gen'tlewoman *n.* (דזשענ'טל-הוואומ- ען) א פרוי פון נוטער אבשטאמונג; א קא- מערדיענערין, א פרוי וואס בעדיענט א פארנעהמע פערזאן.

gen'tly *adv.* (דזשענ'-טלי) אויף אן עדע- לען, צארטען, גוטען אופן; שטופענווייז, ניט רייסענד [אין פארם אדער אויס- זעהן].

Gentoo' *a. and n.* (דזשענ-טוה') וואס איז שייך צו די הינדוסען [איינוואהנער פון הינדאסטאן אדער אינדיען]; א הינ- דוס; די שפראך פון הינדוסען.

gentoo' *n.* (דזשענ-טוה') דער פאפואני- שער פינגווין [א זא פויגעל].

gen'try *n.* (דזשענ'-טרי) דער הויכער שטאנד; דער קלאס צווישען אדעל און פאלק; מענשען וואס בעלאנגען צו א גע- וויסען קלאס [הומאריסטיש — וועגען א נידריגען קלאס מענשען].

ge'nu *n.* (דזשי'-ניו) א קניע; א קערפער- טייל וואס איז ענליך צו א קניע.

gen'ual *a. and n.* (דזשענ'-יו-על) וואס איז שייך צו א קניע; וואס איז פעראיי- ניגט דורך א קניע; וואס איז פעראייניגט מיט'ן פיערטען געלענק פון א שפין'ס פוס; דער פיערטער געלענק פון א שפין'ס פוס.

genuflect' *v.* (דזשענ-יו-פלעקט') בוי- גען די קניע, קניען, פאלען כורעים [הויפט- זעכליך ביי תפילות].

genuflec'tion *n.* (דזשענ-יו-פלעק'-שאן) קניע-בויגונג, דאס קניען, דאס פאלען כורעים [הויפטזעכליך ביי תפילות].

genuflex'ion *n.* (דזשענ-יו-פלעק'-שאן) ז. *genuflection*

genuflex'uous *a.* (דזשענ-יו-פלעק'- שיו-אס) אין באטאניק — געבויגען ווי א קניע, אין דער פארם פון זיגזאגען.

gen'uine *a.* (דזשענ'-יו-אין) וואס קומט פון דעם ערשטען אריגינעלען שטאם אדער קוואל; וואס בעלאנגט צום ערשטען אריגי- נעלען טיפ; עכט, ריין, ניט פערפעלשט; ריכטיג; אמת'דיג, ערנסט; אין זאלאָ- גיע — טיפיש, וואס האט אלע טיפישע אייגענשאפטען.

gen'uinely *adv.* (דזשענ'-יו-אין-לי) אויף אן עכטען, נאטירליכען, ריינעם אדער טיפישען שטייגער.

gen'uineness *n.* (דזשענ'-יו-אין-נעס) עכטקייט, ריינקייט, ערנסטקייט, אמת'דיג- קייט.

genupec'toral *a.* (דזשענ-יו-פעק'-טא- רעל) וואס איז שייך צו די קניע און צו דער ברוסט, וואס איז שייך צו דער לא- גע פון א קראנקען, ווען די קניע זיינען אויפגעהויבען צו דער ברוסט.

The genupectoral position of the patient.

ge'nus *n.* (דזשיע'-נאס) א געשלעכט, א גאטונג, א מין, א סארט, א קלאס, א קלא- סיפיקאציאנס-גרופע.

ge'o *n.* (דזשיע'-או) א שמאלע בוכטע ארומגערינגעלט מיט גלייכע פעלזען ווי ווענד; לאגע, ערד [אין דער לעצטער בע- דייטונג ווערט דאס ווארט געברויכט נור אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

geobotan'ical *a.* (דזשי-או-בא-טען'- אי-קעל) וואס איז שייך צו דעם טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די פלאנצען אין בעצוג צו די פער- שיעדענע ערד-טיילען וואו זיי געפינען זיך.

geocen'tric *a.* (דזשי-א-סענ'-טריק) אין אסטראנאמיע — געאצענטריש, וואס איז שייך צו דער געאצענטרישער טעאריע אדער צו דער ערד אלס מיטעלפונקט פון דער זונען-סיסטעם; וואס איז שייך צו דעם פלאץ וואס א פלאנעט פערנעהמט, ווען מען בעטראכטעט איהם פון דער ערד; געזעהן פון דער ערד, בעטראכטעט פון דער ערד. ז. *geocentric theory*

geocen'trical *a.* (דזשי-א-סענ'-טרי- קעל) ז. *geocentric*

geocen'trically *adv.* (דזשי-א-סענ'- טרי-קעל-אי) אויף א געאצענטרישען שטייגער. ז. *geocentric*

geocen'tric sys'tem (דזשי-א-סענ'- טריק סיס-טעם) ז. *geocentric theory*

geocen'tric the'ory (דזשי-א-סענ'- טריק טהי'-א-רי) די געאצענטרישע טעא- ריע, די אמאליגע לעהרע, אז די ערד איז דער צענטער אדער מיטעלפונקט פון אונ- זער זונען-סיסטעם.

geochem'istry *n.* (דזשי-א-קעמ'-אים- טרי) דאס כעמישע שטודיום פון דער ערד [ד. ה. פון וועלכע שטאפען די ערד בע- שטעהט].

geoc'ronite *n.* (דזשי-אק'-רא-נאיט) א בלייי-גרויער ערץ וואס בעשטעהט פון אנטימאן, בליי, שוועפעל און א קליינעם טייל ארסעניק.

ge'ode *n.* (דזשי'-אוד) א זא קיזעלע- שטיין אדער בארג-קריסטאל וואס איז אינ- וועניג אויסגעהוילט.

geode'sia *n.* (דזשי-א-די'-סי-א) ז. *geodesy*

geode'sian *n.* (דזשי-א-די'-סי-ען) ז. *geodesist*

geodes'ic *a.* (דזשי-א-דעס'-איק) וואס איז שייך צו געאדעזיע [ערד-מעסטונג]. ז. *geodesy*

geodes'ical *a.* (דזשי-א-דעס'-אי-קעל) ז. *geodesic*

geodes'ic line (דזשי-א-דעס'-איק לאין) א געאדעטישע ליניע, דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען פון א קוגעל- פלעכע.

geod'esist *n.* (דזשי-אד'-ע-סיסט) א קא- מארגיק, אן ערד-מעסטער; איינער וואס שטודירט געאדעזיע [ערד-מעסטונג קונסט].

geod'esy *n.* (דזשי-אד'-ע-סי) געאדעזיע, ערד-מעסטונג קונסט [די קונסט פון מעס- טען לאנד-געגענדען און אויפנעהמען פון זיי א פלאן].

ge'odete *n.* (דזשי'-א-דיט) ז. *geodesist*

geodet'ic *a.* (דזשי-א-דעט'-איק) וואס איז שייך צו געאדעזיע [ערד-מעסטונג קונסט].

geodet'ical *a.* (דזשי-א-דעט'-אי-קעל) ז. *geodetic*

geodet'ically *adv.* (דזשי-א-דעט'-אי- קעל-אי) אין בעצוג צו די פרינציפען פון געאדעזיע [ערד-מעסטונג קונסט].

geodet'ics *n.* (דזשי-א-דעט'-איקס) ז. *geodesy*

geogen'ic *a.* (דזשי-א-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע אדער טעאריע וועגען דער ענטשטעהונג פון דער ערד.

geog'eny *n.* (דזשי-אדזש'-ע-ני) די לעהרע אדער טעאריע וועגען דער ענט- שטעהונג פון דער ערד.

ge'ognost *n.* (דזשי'-אג-נאסט) א גע- אגנאסט, איינער וואס שטודירט פון וועל- כע שטאפען די ערד איז צוזאמענגע- שטעלט; א געאלאג.

geognos'tic *a.* (דזשי-אג-נאס'-טיק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דעם געבוי און צוזאמענשטעלונג פון דער ערד.

geognos'tical *a.* (דזשי-אג-נאס'-טי- קעל) ז. *geognostic*

geognos'tically *adv.* (דזשי-אג-נאס'- טי-קעל-אי) אין בעצוג צו דער לעהרע וועי- גען דעם געבוי און דער צונויפשטעלונג פון דער ערד.

geog'nosy *n.* (דזשי-אג'-נא-סי) די לעהרע וועגען דעם געבוי און דער צו- נויפשטעלונג פון דער ערד; די לעהרע וועי- גען שטיינער און פעלזען; געאלאגיע.

geogon'ic *a.* (דזשי-א-גאנ'-איק) ז. *geogenic*

geogon'ical *a.* (דזשי-א-גאנ'-אי-קעל) ז. *geogenic*

geog'ony *n.* (דזשי-אג'-א-ני) ז. *geogeny*

geog'rapher *n.* (דזשי-אג'-רע-פער) א קענער אין געאגראפיע.

geograph'ic *a.* (דזשי-א-גרעפ'-איק) ז. *geographical*

geograph'ical *a.* (דזשי-א-גרעפ'-אי- קעל) געאגראפיש; וואס איז שייך צו גע- אגראפיע.

geograph'ical distribu'tion (דזשי- א-גרעפ'-אי-קעל דיס-טרי-ביו'-שאן) די געאגראפישע פערטיילונג פון חיות און פלאנצען [ד. ה. די געגענדען וואו געווי- סע חיות אדער פלאנצען געפינען זיך].

geograph'ical hori'zon (דזשי-א- גרעפ'-אי-קעל הא-ראי'-זאן) דער געא- גראפישער אדער שיינבארער האריזאנט [דער ארט וואו עס דאכט זיך, אז דער הימעל קומט זיך צונויף מיט דער ערד].

geograph'ically *adv.* (דזשי-א-גרעפ'- אי-קעל-אי) אויף א געאגראפישען שטיי- גער; אין בעצוג צו געאגראפיע.

geograph'ical mile (דזשי-א-גרעפ'- אי-קעל מאיל) א געאגראפישע מייל [6,087 פוס אדער 2,029 יארד].

geograph'ical posi'tion (דזשי-א- גרעפ'-אי-קעל פא-זיש'-אן) די געאגראפי- שע לאגע פון וועלכען עס איז פלאץ.

geog'raphy *n.* (דזשי-אג'-רע-פי) גע-

אגראפיע, ערד=בעשרייבונג; א בוך צום לערנען געאגראפיע.

geolog'ic *a.* (דזשי-א-לאדזש'-איק) געאלאגיש; וואס איז שייך צו געאלאגיע [די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דער ערד און וועגען די פיזיקאלישע ענדערונגען וואס זיינען אין איהר פארגעקומען].

geolog'ical *a.* (דזשי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***geologic***.

geolog'ically *adv.* (דזשי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו געאלאגיע.

geol'ogise *v.* (דזשי-אל'-א-דזשאיז) ז. ***geologize***.

geol'ogist *n.* (דזשי-אל'-א-דזשיסט) א געאלאג, א קענער אין געאלאגיע.

geol'ogize *v.* (דזשי-אל'-א-דזשאיז) שטודירען געאלאגיע, מאכען געאלאגישע פארשונגען.

geol'ogy *n.* (דזשי-אל'-א-דזשי) געאלאגיע, די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דער ערד און וועגען די פיזיקאלישע ענדערונגען וועלכע זיינען אין איהר פארגעקומען.

ge'omancer *n.* (דזשי'-א-מענ-סער) א פונקטיר=טרעפער [איינער וואס זאגט נביאות וועגען דער צוקונפט דורך פערשידענע פונקטען, וועלכע ער מאכט אויף דער ערד און ציהט דורך זיי ליניען].

ge'omancy *n.* (דזשי'-א-מענ-סי) פונקטיר=טרעפעריי [דאס זאגען נביאות וועגען דער צוקונפט דורך געמאכטע פינטעלעך און שטריכען אויף דער ערד].

geoman'tical *a.* (דזשי-א-מענ'-טי-קעל) וואס איז שייך צו פונקטיר=טרעפעריי. ז. ***geomancy***.

geoman'tically *adv.* (דזשי-א-מענ'-טי-קעל-אי) אויף דעם שטייגער פון א פונקטיר=טרעפער; דורך פונקטיר=טרעפעריי. ז. ***geomancy***.

geom'eter *n.* (דזשי-אמ'-ע-טער) א קענער פון געאמעטריע; א מאטעמאטיקער.

geomet'ric *a.* (דזשי-א-מעט'-ריק) געאמעטריש, וואס איז שייך צו געאמעטריע.

geomet'rical *a.* (דזשי-א-מעט'-רי-קעל) ז. ***geometric***.

geomet'rical bod'y (דזשי-א-מעט'-רי-קעל באד'-אי) א געאמעטרישער קערפער [א קערפער וואס ווערט געמאסטען אין דער לייננ, ברייט און הויך].

geomet'rically *adv.* (דזשי-א-מעט'-רי-קעל-אי) אויף א געאמעטרישען שטייגער; לויט די פרינציפען פון געאמעטריע.

geomet'rical progres'sion (דזשי-א-מעט'-רי-קעל פרא-גרעש'-אן) די געאמעטרישע פראגרעסיאן [א רייה צאהלען, וואו יעדע ווייטערדיגע צאהל בעקומט זיך פון דער פריהערדיגער, וועלכע ווערט גע'כפל'ט אויף איינער און דערזעלבער צאהל. למשל, די צאהלען: 2, 6, 18, 54 און 162 שטעלען מיט זיך פאר א געאמעטרישע פראגרעסיאן, ווייל יעדע ווייטערדיגע צאהל איז גרעסער איידער די פריהערדיגע מיט 3 מאל].

geomet'rical propor'tion (דזשי-א-מעט'-רי-קעל פרא-פאור'-שאן) א געאמעטרישע פראפארציאן [צוויי ברוך=צאהלען אדער טיילונגען וואס זיינען אין דערזעלבער פערהעלטנים. למשל: 2:4=4:8 אדער $\frac{2}{4}=\frac{4}{8}$].

geomet'rical ra'tio (דזשי-א-מעט'-רי-קעל ריי'-שיא) א געאמעטרישע פערהעלטניס דורך טיילונג [ווי $\frac{2}{4}$ אדער 2:4].

geometri'cian *n.* (דזשי-אמ-ע-טריש'-ען) ז. ***geometer***.

geom'etrize *v.* (דזשי-אמ'-ע-טראיז) לייזען געאמעטרישע פראבלעמען; פערנעהמען זיך מיט געאמעטריע; בעהאנדלען לויט די געאמעטרישע כללים.

geom'etry *n.* (דזשי-אמ'-ע-טרי) געאמעטריע, די וויסענשאפט וועלכע פארשט די אייגענשאפטען פון קערפערם און פיגורען לויט זייער אויסדעהנונג [ארט=פערנעהמונג] אין רוים; א לעהרבוך פון געאמעטריע.

ge'omorphic *a.* (דזשי'-א-מאר-פיק) וואס איז שייך צו דעם אויסזעהן פון דער ערד אדער צו דעם שטודיום פון לאנד=פארמען.

geomorpholog'ical *a.* (דזשי-א-מאר-פא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דעם שטודיום וועגען דער פארם פון דער ערד און ווי אזוי זי האט זיך געבילדעט.

geomorphol'ogy *n.* (דזשי-א-מאר-פאל'-א-דזשי) דאס שטודיום וועגען דער פארם פון דער ערד און ווי אזוי זי האט זיך געבילדעט.

ge'omorphy *n.* (דזשי'-א-מאר-פי) די טעאריע וועגען דעם אויסזעהן פון דער ערד; די וויסענשאפט וועגען לאנד=פארמען.

geoph'agism *n.* (דזשי-אפ'-ע-דזשיזם) ז. ***geophagy***.

geoph'agist *n.* (דזשי-אפ'-ע-דזשיסט) איינער וואס עסט ערד אדער קויט.

geoph'agy *n.* (דזשי-אפ'-ע-דזשי) געאפאגיע, דאס עסען ערד [דער מנהג פון געוויסע ווילדע שבטים צו געברויכען אלס א מאכל געוויסע זארטען ערד און קויט].

geopon'ic *a.* (דזשי-א-פאנ'-איק) וואס איז שייך צו ערד=ארבייט.

geora'ma *n.* (דזשי-א-רא'-מא) א געאראמא, א גרויסער פוסטער גלאבוס [א נאכגעמאכטער ערד=קוגעל], וואו די ווענד פון אינווענינ זיינען בעצייכענט מיט לאנד=קארטען.

geor'gic *n. and a.* (דזשאר'-דזשיק) א פאעמע אדער געדיכט איבער לאנד=ארבייט; וואס געהערט צו לאנד=ארבייט.

Geor'gium Si'dus (דזשאר'-דזשי-אם סאי'-דאס) דער פלאנעט אוראנוס.

geoscop'ic *a.* (דזשי-א-סקאפ'-איק) וואס איז שייך צו דער קענטנים פון די פערשיעדענע זארטען ערד.

geos'copy *n.* (דזשי-אס'-קא-פי) די קענטנים פון די פערשיעדענע זארטען ערד.

geotecton'ic *a.* (דזשי-או-טעק-טאנ'-איק) וואס איז שייך צום געבוי פון די פעלזען=מאסען פון דער ערד.

geother'mal *a.* (דזשי-א-טהויר'-מעל) ז. ***geothermic***.

geother'mic *a.* (דזשי-א-טהויר'-מיק) וואס איז שייך צו דער אינווענינסטער היץ פון דער ערד.

geothermom'eter *n.* (דזשי-או-טהויר-מאמ'-ע-טער) א געאטערמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ פון דער ערד אין טיעפע גרובען אדער שאכטען].

ge'rah *n.* (גי'-רא) א גרה, א צוואנציגסטעל פון א שקל [א מטבע ביי די אמאליגע אידען].

gera'nium *n.* (דזשי-ריי'-ני-אם) געראניום אדער שטארק=שנאבעל [א פיין=שמעקענד גראז מיט ווייסע און רויטע בלימעלעך].

ge'rant *n.* (דזשי'-רענט) א פראקוריסט, א געשעפטס=פיהרער.

ger'falcon *n.* (דזשויר'-פאהקן) דער גייער=פאלק [א מין גרויסער פאלק=פויגעל פון צפון=אייראפא].

Gerfalcon

germ *n.* (דזשוירם) א זאמען=קערענדעל; דער אנהויב אדער די ערשטע שטופע אין דער ענטוויקלונג פון אן ארגאניזם; א מיקראב; דער ערשטער אנפאנג פון וועלכער ניט איז זאך.

Ger'man *a. and n.* (דזשויר'-מען) וואס איז שייך צו דייטשלאנד אדער צו די דארטיגע איינוואהנער; וואס איז שייך צו דער דייטשער שפראך; א דייטש, אן איינוואהנער פון דייטשלאנד; די דייטשע שפראך.

ger'man *n.* (דזשויר'-מען) א געוויסער קאטיליאן=טאנץ; אן אונטערהאלטונג וואו אזא קאטיליאן=טאנץ ווערט געטאנצט.

Ger'man clock (דזשויר'-מען קלאק) דער שווארצוואלדער זייגער [וואס ווערט פאבריצירט אין דער דייטשער געגענד שווארצוואלד].

Ger'man confed'eracy (דזשויר'-מען קאנ-פעד'-ער-ע-סי) דער דייטשער בונד [די פעראייניגונג פון אלע דייטשע שטעדט, פירסטענטומס און קעניגרייכען אונטער דער אויבערהערשאפט פון עסטרייך, וואס האט געדויערט ביז דעם יאהר 1866].

german'der *n.* (דשויר-מענ'-דער) דער גאמאנדער [א מין פלאנצע מיט א פיערקאנטיגען שטענגעל און מיט רויטליכע בליטהען].

germane' *a.* (דזשויר-מיין') וואס האט א נאהנטע שייכות; וואס ענטשפרעכט.

German'ic *a. and n.* (דזשויר-מענ'-איק) גערמאניש, דייטש; וואס איז שייך צו די דייטשען; א דייטש; די דייטשע שפראך.

German'ic di'et (דזשויר-מענ'-איק דאי'-עט) דער בונדעסטאג [די פערזאמלונג פון די פערטרעטער פון די פערשיעדענע פירסטענטימער, קעניגרייכען און פרייע שטעדט, וואס זיינען אריינגעגאנגען אין דעם דייטשען בונד].

Ger'manism *n.* (דזשויר'-מענ-איזם) גערמאניזם, דייטשטום, די ליעבע צו אלץ וואס איז דייטש אדער וואס טראגט א דייטשען כאראקטער; די ארט אויסדריקע אין דער דייטשער שפראך; די אייגענטימליכקייטען פון דייטש; די נאכאהמונג פון דייטשער רעדע=ארט אדער פון דייטשע אויסדריקע.

Ger'manist *n.* (דזשויר'-מענ-איסט) א גערמאניסט, איינער וואס שטודירט די

דייטשע שפראך; אן עקספערט אין דער דייטשער פילאלאגיע.

Germaniza'tion *n.* (דזשויר־מענ־אי־זיי׳־שאן) דאס גערמאניזירען, דאס פערדייטשען; דאס ווערען עהנליך צו די דייטשען לויט דער שפראך און זיטען.

Ger'manize *v.* (דזשויר׳־מענ־איז) גער־מאניזירען, פערדייטשען; מאכען אדער ווערען עהנליך צו די דייטשען לויט דער שפראך און זיטען; איבערזעצען אין דער דייטשער שפראך.

Ger'man O'cean (דזשויר׳־מען או׳־שען) דער דייטשער ים, די נארד־זעע [דער ים אין צפון־אייראפא, וואס ביי זיינע ברעגען געפינען זיך די לענדער נארוועגיע, שוועדען, דענעמארק, האלאנד, בעלגיען און מזרח־ענגלאנד].

Germanoma'nia *n.* (דזשויר־מע־נאו־מיי׳־ני־א) גערמאנאמאניע, א פערגעט־רונג אדער אויסערגעוועהנליכע ליעבע צו די דייטשען, זייער שפראך און זייערע זי־טען.

Germanoma'niac *n.* (דזשויר־מע־נאו־מיי׳־ני־עק) איינער וואס פערגעטערט אלעס וואס איז דייטש.

Germanoph'ilist *n.* (דזשויר־מע־נאפ׳־אי־ליסט) א דייטשען־פריינד; א פריינד פון דייטשלאנד.

Ger'manophobe *n.* (דזשויר־מע־נאו־פאוב) א דייטשען־פיינד; א פיינד פון אלעס וואס איז דייטש.

Germanopho'bia *n.* (דזשויר־מע־נאו־פאו׳־בי־א) דייטשען־פיינדשאפט; די פיינדשאפט צו אלעס וואס איז דייטש.

Germanopho'bic *a.* (דזשויר־מע־נאו־פאו׳־ביק) דייטש־פיינדליך.

Germanopho'bist *n.* (דזשויר־מע־נאו־פאו׳־ביסט) א דייטשען־פיינד, א פיינד פון אלעס וואס איז דייטש.

Ger'man sau'sage (דזשויר׳־מען סאה׳־סעדזש) דייטשע וואורשטעלעך [גרא־בע, בילינע וואורשטען].

Ger'man sil'ver (דזשויר׳־מען סיל׳־ווער) ניי־זילבער.

Ger'man steel (דזשויר׳־מען סטיעל) שמעלץ־שטאהל [אזא מין שטאהל, וואס ווערט אויסגעשמאלצען פון רויהען אייזען דורך טיילווייזער פערברענונג פון׳ם קויה־לען־שטאף אין׳ם אייזען].

Ger'man text (דזשויר׳־מען טעקסט) א פארם פון דרוק־שריפט מיט זעהר ברייטע און געצוקטע גרויסהאנטיגע בוכשטא־בען.

𝔗𝔥𝔦𝔰 𝔩𝔦𝔫𝔢 𝔦𝔰 𝔦𝔫 𝔊𝔢𝔯𝔪𝔞𝔫 𝔱𝔢𝔵𝔱.

germ'-cell *n.* (דזשוירם׳־סעל) א צעלע אין אן ארגאניזם, וועלכע טיילט זיך אב פון אנדערע צעלען און דיענט אלס דער אנהויב אין דער ענטוויקלונג פון א נייעם ארגאניזם.

ger'micide *n.* (דזשויר׳־מי־סאיד) דאס וואס ווערט בענוצט צו פערניכטען די מי־קראבען אדער באקטעריען אין געוויסע קראנקהייטען, ווי כאלערא א. ד. ג.

ger'miculture *n.* (דזשויר׳־מי־קאל־טשור) דאס קינסטליכע קולטיווירען אדער האדעווען באקטעריען.

germicul'turist *n.* (דזשויר־מי־קאל׳־טשור־איסט) איינער וואס קולטיווירט אדער האדעוועט באקטעריען.

ger'minable *a.* (דזשויר׳־מי־נעבל) וואס שפראצט ארויס; וואס גיט דעם אנהויב צו ענטוויקלונג.

ger'minal *a.* (דזשויר׳־מי־נעל) וואס געהערט צו א זאמען־קערענדעל.

Germinal' *n.* (זשער־מי־נעל׳) זשער־מינאל, דער 7טער מאנאט אין קאלענדאר פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן [פון דעם 22טען מערץ ביז דעם 19טען אפריל].

ger'minant *a.* (דזשויר׳־מי־נענט) אויפשפראצענד, וואקסענד; וואס הויבט זיך אן צו ענטוויקלען.

ger'minate *v.* (דזשויר׳־מי־נייט) אויפ־שפראצען; געבען דעם אנהויב צו ענט־וויקלונג.

germina'tion *n.* (דזשויר־מי־ניי׳־שאן) דאס אויפשפראצען; די ארויסשפראצונג אדער דער אנהויב פון ענטוויקלונג פון א זאמען־קערענדעל.

ger'minative *a.* (דזשויר׳־מי־נע־טיוו) ז. *germinal*.

ger'minator *n.* (דזשויר׳־מי־ניי־טאר) דער אדער דאס וואס ווירקט צו דער ער־שטער ארויסשפראצונג.

germ the'ory (דזשוירם טהי׳־א־רי) אין ביאלאגיע — די טעאריע, אז יעדער ארגאניזם קען ענטשטעהען נור פון אן אנדער ארגאניזם פון דעמזעלבינען מין און קען נים בעשאפען ווערען פון טויטען שטאף; אין פאטאלאגיע — די טעאריע, אז אנ־שטעקיגע קראנקהייטען, ווי כאלערא, טי־פוס א. ד. ג. נעהמען זיך פון געוויסע מיקראבען אדער באקטעריען, וועלכע פער־אורזאכען דיעזע קראנקהייטען.

geroco'mia *n.* (דזשער־א־קאו׳־מי־א) ז. *gerocomy*.

geroc'omy *n.* (דזשע־ראק׳־א־מי) מע־דיצינישע פארשריפטען, ווי עלטערע מענ־שען דארפען זיך פיהרען כדי צו פערלענ־גערען זייערע יאהרען.

ger'rymander *n.* (גער׳־אי־מענ־דער) אין אמעריקאנער פאליטיק — א ווילקירלי־כע פאנאנדערטיילונג פון א שטאאט אויף בעזונדערע דיסטריקטען אדער וואהל־בע־צירקען, נים רעכענענדיג זיך נים מיט דער געאגראפישער לאגע און נים מיט דער פא־נאנדערטיילונג פון דער בעפעלקערונג, כדי א געוויסע פארטיי זאל קענען געווינען ביי די וואהלען.

ger'und *n.* (דזשער׳־אנד) אין גראמא־טיק — דאס גערונדיום [א געוויסע פארם פון זאץ־ווערטער אדער נאמען־ווערטער, וועלכע בילדען זיך פון צייטווערטער].

ger'und-grin'der *n.* (דזשער׳־אנד־גראינ׳־דער) א פעדאגאג; א פעדאנט, א מקפיד.

gerun'dial *a.* (דזשי־ראנ׳־די־על) וואס איז שייך צו א גערונדיום. ז. *gerund*.

gerun'dive *n.* (דזשי־ראנ׳־דיוו) אין גראמאטיק — א שם התואר [בייווארט] וואס האט זיך געבילדעט פון א גערונדיום. ז. *gerund*.

ges'tate *v.* (דזשעס׳־טייט) אויסטראגען [שוואנגערען] די ריכטיגע צייט; דורכ־טראכטען עטוואס, אז מען זאל עס קענען פערעפענטליכען.

gesta'tion *n.* (דזשעס־טיי׳־שאן) טראג־צייט, שוואנגערשאפט.

ges'tatory *a.* (דזשעס׳־טע־טא־רי) וואס איז שייך צו שוואנגערשאפט.

gestic'ulant *a.* (דזשעס־טיק׳־יו־לענט) וואס זשעסטיקולירט; וועלכער רעדט מיט בעוועגונגען פון קערפער.

gestic'ulate *v.* (דזשעס־טיק׳־יו־לייט) זשעסטיקולירען, רעדען דורך בעוועגונגען מיט׳ן קערפער; מאכען מימיק.

gesticula'tion *n.* (דזשעס־טיק־יו־ליי׳־שאן) דאס זשעסטיקולירען, דאס רעדען דורך בעוועגונגען מיט׳ן קערפער; א זשעסט, א בעוועגונג מיט׳ן קאפ, מיט׳ן קערפער אדער מיט א האנד.

gestic'ulator *n.* (דזשעס־טיק׳־יו־ליי־טאר) איינער וואס רעדט דורך בעוועגונ־גען מיט׳ן קערפער אדער מיט די גליעדער.

gestic'ulatory *a.* (דזשעס־טיק׳־יו־לע־טא־רי) וואס געהערט צו מימיק אדער צום רעדען דורך בעוועגונגען מיט׳ן קערפער.

ges'tural *a.* (דזשעס׳־טשור־על) וואס איז שייך צו א זשעסט אדער צו דער בע־וועגונג מיט׳ן קאפ, מיט דער האנד א. ד. ג.

ges'ture *n.* and *v.* (דזשעס׳־טשור) א זשעסט, א בעוועגונג מיט׳ן קאפ, מיט דער האנד א. ד. ג.; זשעסטיקולירען, מאכען בעוועגונגען מיט׳ן קאפ, מיט דער האנד א. ד. ג.

get *v.* and *n.* (געט) קריגען, בעקומען, ערוואַרבען, דערגרייכען; לערנען; געבעה־רען; ברענגען צו עפעס א טהאט אדער אי־בערצייגונג; ברענגען, פארטברענגען; ווע־רען; קומען; געהן, ריהרען פון ארט, אנ־הויבען געהן; זיין פעהיג, קענען; עטוואס וואס ווערט געבוירען אדער שטאמט אב; אבשטאמונג [וועגען חיות]; א גט [ביי אידען].

get'able *a.* (געט׳־עבל) ז. *gettable*.

get about' (געט ע־באוט׳) 1. זיך פער־שפרייטען, בעקאנט ווערען [וועגען א נאכ־ריכט, קלאנג אדער סוד]; 2. ארומגעהן.

1. A rumor of his illness got about the city. 2. I am well enough to be able to get about.

get above' (געט ע־באוו׳) בייקומען, גובר זיין; איבערשטייגען, איבערטרעפען.

get abroad' (געט ע־בראוד׳) זיך פער־שפרייטען; בעקאנט ווערען.

get a cold (געט ע קאולד) זיך פער־קיהלען.

get ahead' (געט ע־העד׳) פראגרעסירען, האבען ערפאלג.

get ahead' of (געט ע־העד׳ אוו) איבער־שטייגען, איבעריאגען.

get a live'lihood (געט ע לאיוו׳־לי־הוד) ציהען די חיונה.

get along' (געט ע־לאנג׳) געהן צו...; אנגעהן; זיך בעפינדען; פראגרעסירען.

get along' with you! (געט ע־לאנג׳ הוויטה יו) נעהם דעם וועג! טראג זיך אב!

get among' (געט ע־מאנג׳) זיך אריינ־דרעהען, אריינפאלען [צווישען מענשען].

get an ink'ling (געט ען אינ׳־קלינג) דערשפירען.

I got an inkling of his whereabouts.

get around' (געט ע־ראונד׳) בעקומען די אויבערהאנד; איבערררעדען, אבנארען; אויסמייכען; ארומגעהן ארום און ארום.

get asleep' (געט ע־סליעפ׳) איינשלא־פען.

get at (געט עט) דערגרייכען, ערגרייכען, צוקומען, אויסגעפינען.

Let us get at the meaning of this sentence.

get away' (געט ע־הוויי׳) זיך אבטרא־גען.

get back (געט בעק) בעקומען צוריק; זיך צוריקקעהרען.

get back at (געט בעק עט) פאדערען אן ערקלערונג; אבשפאטען.

get behind' (געט בי־האינד׳) אבשטעהן, ווערען הינטערשטעליג.

get bet'ter (געט בעט׳־ער) זיך בעסע־רען [אין געזונד], געזונד ווערען.

get between' (געט בי־טהוויען׳) ארייג־פאלען אין מיטען.

get beyond' (געט בי־יאנד׳) אריבער־וואקסען, אריבערשטייגען.

get by (געט באי) פארבייגעהן.

get by heart (געט באי הארט) אויס־לערנען אויף אויסווענינג.
get clear of (געט קליער אוו) לויז ווע־רען, בעפרייען זיך, פטור ווערען.
get done (געט דאן) פארטיג בעשטעלען; פארטיג ווערען, אב'פטר'ען.
get down (געט דאון) אראבנעהמען, אויס־שטייגען; אראבבריינגען, אראבשלינגען.
get e'ven with (געט אי'ווען הוויטה) זיך אברעכענען.
get ground (געט גראונד) האבען ער־פאלג; בעקומען די איבערהאנד; זיך בע־פעסטיגען, אנגענומען ווערען.
get in (געט אין) אריינגעהן, אריינברייני־גען, אריינגענעהמען; אנזאמלען אדער אב־לענען [פאראטה, זאפאס]; אריינקומען, אנקומען.
get in a tem'per (געט אין ע טעמ'-פער) ווערען אויסער זיך, ווערען שטארק אויפגעבראכט.
get in'to (געט אינ'-טו) אריינגעהן, אריינקומען, אריינקריכען, אריינעהמען.
get in'to the hab'it of (געט אינ'-טו טהי העב'-איט אוו) זיך געוועהנען צו עפעס, בעקומען א געוועהנהייט.
get in'to the knack (געט אינ'-טו טהי נעק) כאפען דעם שניט.
get in'to the way of (געט אינ'-טו טהי הוויי אוו) זיך שטעלען אין וועג; אויסלערנען זיך, כאפען דעם שניט.
get in with (געט אין הוויטה) נושא חן זיין.
get it (געט איט) כאפען א חלק, אריינקרי־גען א פארציע.
get loose (געט לוהס) לויז ווערען, זיך בעפרייען.
get low (געט לאו) פאלען אין פרייז.
get near (געט ניער) זיך דערנעהנטערען.
get'-noth'ing *n.* (געט'-נאטה'-אינג) א פוילענצער.
get off (געט אף) ארונטערגעהן, ארונ־טערשטייגען; ארונטערנעהמען; ארויס־בריינגען אין זיכערהייט; אנטלויפען; פער־קויפען; ארויסזאגען, ארויסבריינגען אין ווערטער.
get on (געט אן) 1. אנטהאן, אנקליידען; ארויפשטייגען; 2. אנגעהן ווייטער; הא־בען ערפאלג.
2. I get on very well in my new business.
get one's bread (געט הוואנז ברעד) פערדיענען אויף חיונה, ציהען חיונה.
get on feet (געט אן פיעט) אויפשטעהן, זיך אויפהויבען, זיך שטעלען אויף די פיס.
get on legs (געט אן לעגז) זיך אויפהוי־בען, אויפשטעהן.
get on the shelf (געט אן טהי שעלף) פערזיצען, בלייבען אן אלטע מויד.
get on to (געט אן טו) כאפען דעם שניט.
I shall soon get on to the methods of this office.
get on with (געט אן הוויטה) אויסקומען, אנהאלטען פריינדליכע אדער צופריעדענ־שטעלענדע בעציהונגען.
get out (געט אוט) ארויסבריינגען, ארויס־ציהען, ארויספיהרען; ארויסגעהן; ארויס־קומען.
get out of book (געט אוט אוו בוק) אין גאנצען אבצאהלען א חוב [אין מסחר].
get out of depth (געט אוט אוו דעפטה) פערלירען דעם באדען פון אונטער די פיס [אין וואסער]; טהאן עפעס אדערריידען וועגען זאכען, אין וועלכע מען איז ניט קאמפעטענט.
get out'side a thing (געט אוט'-סאיד ע טהינג) בעסער פערשטעהן א זאך דורך דעם וואס מען בעטראכט זי אביעקטיוו, אונפארטייאיש.
get o'ver (געט או'-ווער) בייקומען, גובר זיין; איבערקומען, פטור ווערען.
get quit of (געט קהוויט אוו) פטור ווע־רען.
get rid of (געט ריד אוו) פטור ווערען.
get right (געט ראיט) בריינגען אין אררדונג.
get round (געט ראונד) *get around* ז.
get'table *a.* (געט'-עבל) וואס מען קען קריגען, עררייכען, ערווערבען אדער בע־קומען.
get'ter *n.* (געט'-ער) איינער וואס קריגט, ערווערבט אדער עררייכט עפעס; איינער וואס געבעהרט; א גרעבער.
get the best of (געט טהי בעסט אוו) בעקומען די איבערהאנד, בעזיעגען.
get the bet'ter of (געט טהי בעט'-ער אוו) בעקומען די איבערהאנד, בעזיעגען.
get the drop on (געט טהי דראפ אן) אויסשיסען פון א רעוואלווער איידער דער געגנער קען נעהמען זיין רעוואלווער אין האנד; האלטען יעמאנד לעבען און עהרע אין האנד, האלטען איינעם אין האנד.
get the floor (געט טהי פלאור) בעקומען דאס ווארט.
The delegate got the floor and addressed the convention.
get the hang of (געט טהי העגג אוו) כאפען דעם אנגאנג, כאפען דעם שניט; גע־ניט ווערען אין עפעס.
get the har'vest in (געט טהי האר'-וועסט אין) אראבנעהמען די תבואה פון פעלד.
get the palm (געט טהי פאהם) קריגען די זיעגעס־פאלמע; זיגען.
get there (געט טהעהר) 1. דערגרייכען א ציעל, האבען ערפאלג; 2. די מעלה אדער די מעלות וואס פערזיכערען ערפאלג אדער וואס מאכען פעהיג צו עפעס.
2. He possesses the get there quality.
get there with both feet (געט טהעהר הוויטה באוטה פיעט) גלענצענד דערגריי־כען א ציעל; האבען א וואונדערבארען ער־פאלג.
get the slip (געט טהי סליפ) דורכפא־לען, צוריקגעוויזען ווערען [ביי א ליעבעס־ערקלערונג].
get the start of (געט טהי סטארט אוו) פערכאפען, אריבעריאגען, פערלויפען דעם וועג.
get through (געט טהרוה) פערטיג ווע־רען; דורכגעהן.
get through with (געט טהרוה הוויטה) פארטיג ווערען [מיט עפעס].
I'll get through with my work in a week.
get'ting *n.* (געט'-אינג) דערגרייכונג, ער־ווערבונג, דאס קריגען [עפעס]; געבעה־רונג; דאס ווערען; געווינס, פערדיענסט.
get to (געט טו) דערגרייכען.
I'll get to it, by and by.
get to bed (געט טו בעד) זיך לעגען שלאפען; זיך לעגען אין בעט.
get togeth'er (געט טו-געטה'-ער) 1. זיך צוזאמענקומען, זיך פערזאמלען, צוזאמענ־בריינגען; 2. קומען צו א פערשטענדיגונג, זיך פרובען אויסגלייכען.
1. We often get together at lunch. 2. The leaders of the opposing factions got together.
get to log'gerheads (געט טו לאג'-ער-הערדז) קומען צו פעטש.
get to sleep (געט טו סליעפ) אנשלא־פען ווערען.
get un'der sail (געט אנ'-דער סייל) אבזעגלען [וועגען א שיף וואס פאהרט אב].
get up (געט אפ) זיך אויפ־הויבען; שטייגען; פערפארטיגען, פארבע־רייטען, ארגאניזירען, פעראנשטאלטען, צו־זאמענשטעלען, פלאנעווען, מאכען, ערפינ־דען; איינשטודירען; זיך בעקליידען, זיך אויפשטאטען; זיך פערשטעלען; בריינגען אין ארדנונג [ווי שטאפען דורך רייניגען, פרעסען א. ד. ג.].
get'-up *n.* (געט'-אפ) 1. אויסשטאטונג, אויסריכטונג, געשטאלטונג; 2. א שווינ־דעל.
1. The actor appeared on the stage in a curious get-up. 2. It was all a get-up.
get well (געט הועל) געזונד ווערען.
get wind (געט הווינד) זיך פערשפרייטען, בעקאנט ווערען [וועגען א קלאנג, סוד א. ד. ג.].
get wind of (געט הווינד אוו) דערוויסען זיך, געוואהר ווערען, דערשפירען.
I got wind of his plots.
get with child (געט הוויטה טשאילד) שוואנגער ווערען.
get you gone! (געט יו גאן) ארויס! אוועק! טראג זיך אב!
gew'gaw *n. and a.* (גיו'-גאה) א שפיעל־ווערק; א שפיעל־צייג, א צאצקע; אונבע־דייטענד, ניט וויכטיג, ניכטיג.
gey'ser *n.* (גאי'-סער) א גייזער, א קוואל פון וועלכען עס שפריצט הייס וואסער.



Geysers

gey'seric *a.* (גאי'-סער-איק) וואס איז שייך צו א גייזער [א קוואל פון וועלכען עס שפריצט הייס וואסער].
ghar'ry *n.* (גער'-אי) אזא אינדישער צוויי־רעדערדיגער וואגען צו וועלכען עס ווערען געשפאנט אקסען אדער קליינע פערדלעך.
ghast *a.* (געסט) וואס האט א שרעקליכען אויסזעהן; מורא'דיג, נעהיימניספול.
ghast'liness *n.* (געסט'-לי-נעס) שרעק־ליכקייט; מורא; א שרעקליך, מורא'דיג אויסזעהן; א טויטען־בלייכקייט.
ghast'ly *a. and adv.* (געסט'-לי) וואס זעהט אויס ווי א טויטער; ערשרעקענד, מורא'דיג, שרעקליך; אויף אן ערשרעקענ־דען אדער מורא'דיגען אופן; מיט דעם אויסזעהן פון א טויטען.
ghee *n.* (גיע) אזא ווייסער דיקער אויל וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסען בוים אין נארד־אינדיען; אזא אויל וואס ווערט געמאכט פון פוטער.
gher'kin *n.* (גויר'-קין) אן עסיג־אוגער־קע; א גרינע אונערקע צום איינזייערען.

Ghet'to *n.* (געט'-אָו) א געטא [דער קווארטאל אין א שטאדט, וואו אידען פלעגען אמאל זיין געצוואונגען צו וואהנען].

Ghib'elline *n. and a.* (גיב'-על-אין) א מיטגליעד פון דער קייזערליכער און דער אריסטאקראטישער פארטיי אין איטאליען אין מיטעלאלטער [צווישען דעם 11טען און 14טען יאהרהונדערט], וועלכע האט געקעמפפט געגען דער פארטיי פון פאפסט; וואס איז שייך צו דיזער פארטיי און איהרע פרינציפען.

ghost *n.* (גאוסט) א גייסט; די נשמה; א רוח; א געשפענסט; א שאטען; א ליכט־פלעק.

ghos'tess *n.* (גאוס'-טעס) א ווייבערשער רוח, א ווייבערשער דבוק.

ghost'land *n.* (גאוסט'-לענד) דאס גייסטער־לאנד, דאס לאנד פון איבערנאטירליכען.

ghost'less *a.* (גאוסט'-לעס) גייסטלאז, אהן לעבען.

ghost'like *a.* (גאוסט'-לאַיק) גייסטערהאפט; עהנליך צו א רוח; עהנליך צו א טויטען.

ghost'liness *n.* (גאוסט'-לי-נעס) גייסטערהאפטיגקייט; דאס זיין ווי א גייסט.

ghost'ly *a.* (גאוסט'-לי) גייסטערהאפט; גייסטיג; איבערנאטירליך; וואס איז שייך צו דער נשמה אדער צו דער רעליגיאָן.

ghost'-sto'ry *n.* (גאוסט'-סטאָו'-רי) א מעשה וועגען שדים; א נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע געשיכטע; א געשיכטע וועלכע א ציטונגס רעפארטער האט אויסגעטראכט.

ghost'-word *n.* (גאוסט'-הוואירד) דער דרוק־פעהלער־טייוועל [א גרייז וואס גנב'עט זיך אריין אין א שריפט].

ghoul *n.* (גוהל) א מענשען־פרעסענדער ריעז אדער טייוועל [אין דעם פאלקס־גלויבען פון געוויסע פעלקער].

ghou'lish *a.* (גוה'-ליש) דעמאניש, טייוועליש; ווי א מענשען־פרעסענדער טייוועל.

ghur'rie *n.* (גאר'-אי) ז ***ghurry***

ghur'ry *n.* (גאר'-אי) א וואסער־זייגער; א זייגער; אין דער אלט־אינדישער צייט־רעכנונג — א 60טעל פון א מעת לעת [24 מינוטען]; א שטונדע.

ghyll *n.* (גיל) א בארג־טייכעל; א טהאל אין וועלכען עס פליסט א טייכעל.

gi'ant *n. and a.* (דזשאַי'-ענט) א גיגאנט; א ריעז [פיזיש אדער גייסטיג]; גיגאנטיש; ריעזיג, ריעזענהאפט.

gi'antess *n.* (דזשאַי'-ען-טעס) א גיגאנטין, א פרוי א ריעז.

gi'ant fen'nel (דזשאַי'-ענט פענ'-על) דאס שטעקען־קרויט [אזא פלאנצע].

gi'antish *a.* (דזשאַי'-ען-טיש) גיגאנטיש, ריעזיג, ריעזענהאפט.

gi'ant-kill'er *n.* (דזשאַי'-ענט-קיל'-ער) א ריעזען־טויטער [דער העלד פון די קינדערשע מעשה'לעך, וועלכער טויטעט די בלוט־דורשטיגע, שרעקליכע ריעזען].

gi'antly *a.* (דזשאַי'-ענט-לי) ווי א גיגאנט; גיגאנטיש, ריעזיג.

gi'ant-pow'der *n.* (דזשאַי'-ענט-פאַו'-דער) אן עקספלאדירענדער שטאף, א מין דינאמיט.

gi'ant-quell'er *n.* (דזשאַי'-ענט-קהוועל'-ער) ז ***giant-killer***

gi'antship *n.* (דזשאַי'-ענט-שיפ) גיגאנטישקייט, ריעזענהאפטיגקייט.

giaour *n.* (דזשאור) אן אונגלויביגער [אזוי רופען די מאהמעדאנער די ניט־מאהמעדאנער, הויפטזעכליך די קריסטען].

gib *n. and v.* (דזשיב) א שטיק אייזען וואס ווערט בענוצט אין ראהמען־ווערק צו האלטען צוזאמען בעזונדערע שטיקער האלץ אדער אייזען, צווישען וועלכע עס ווערט אריינגעקלאפט א קליין; אין א דאמפף־מאשין — דער קליין וואס ווערט אריינגעקלאפט צווישען די ענד־טיילען פון א שאפט אדער פערבינדונגס־שטאנג, כדי צו פערפעסטיגען דעם לאגער; דער ארויסגעשטארצטער ארעם אדער שטאנג פון א הויב־מאשין; צונויפדריקען בעזונדערע טיילען איינע צו די אנדערע דורך א קליין וואס ווערט צווישען זיי אריינגעקלאפט.

gib'ber *v. and n.* (גיב'-ער) רעדען אונפערשטענדליך; אין באטאניק — א פאנאנדערברייטונג פון אונטערשטען טייל פון א בלומען־קריינדעל.

gib'berish *n. and a.* (גיב'-ער-איש) קוידערוועלש, אן אונפערשטענדליכע שפראך; אונפערשטענדליך.

gib'bet *v. and n.* (דזשיב'-עט) א גאלגען, א תליה; אויפהענגען [אויף א תליה]; דער קווער־שטאנג פון א הויב־מאשין; ארויסשטעלען צו שאנדע; צונאגלען צום שאנד־קלאָץ.

gib'bon *n.* (גיב'-אָן) א גיבאן [דער מאלפע אדער אפע מיט זעהר לאנגע הענד און אהן אן עק].

Gibbon

gib'bose *a.* (גיב'-אָוס) הויקערדיג, הארבאטע, בוקלדיג; מיט א קרומען רוקען; אויסגעבויגען, קאנוועקס.

gibbos'ity *n.* (גי-באס'-אי-טי) הויקערדיגקייט, בוקלדיגקייט; די רונדקייט אדער קרומקייט פון א רוקען.

gib'bous *a.* (גיב'-אס) ז. ***gibbose***

gib'bously *adv.* (גיב'-אס-לי) מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען; ווי א הויקער.

gib'bousness *n.* (גיב'-אס-נעס) הויקערדיגקייט; דאס זיין מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען, דאס זיין הארבאטע.

gib'-cat *n.* (גיב'-קעט) אן אלטער קאטער.

gibe *n. and v.* (דזשאַיב) שפאטען, אבלאכען; שפאט; א סארקאסטישער אויסדרוק; בייסענדער שפאט.

gi'ber *n.* (דזשאַי'-בער) אן אבשפאטער.

gi'bing *a.* (דזשאַי'-בינג) שפאטיש, סארקאסטיש.

gi'bingly *adv.* (דזשאַי'-בינג-לי) אויף א שפאטישער ארט.

gib'let *n. and a.* (דזשיב'-לעט) א דרויבע אדער איינגעווייד און אנדערע טיילען פון אן עוף [ווי דער קאפ, די פיסלעך און די פליגלען], וועלכע מען נעהמט ארויס און מען שניידט אב, בעת מען נעהמט דאס עוף בראטען; געמאכט אדער צוגעגרייט פון דעם איינגעווייד פון אן עוף.

gid'dily *adv.* (גיד'-אי-לי) אויף א לייכטזיניגען, אונבעזאנענעם שטייגער; מיט א שווינדעל אין קאפ; צומישט, צטומעלט.

gid'diness *n.* (גיד'-אי-נעס) א שווינדעל אין קאפ; צומישטקייט, צטומעלטקייט; לייכטזיניגקייט; אונבעשטענדיגקייט.

gid'dy *a. and v.* (גיד'-אי) לייכטזיניג, אונבעזאנען, ניט איבערלעגענט, אונפארזיכטיג; וואס שטעהט ניט זיכער אויף די פיס; וואס האט א שווינדעל אין קאפ; פערארזאכען א שווינדעל אין קאפ; מאכען אונבעשטענדיג; דרעהען שנעל.

gid'dy-head *n.* (גיד'-אי-העד) א לייכטזיניגער מענש.

gid'dy-head'ed *a.* (גיד'-אי-העד'-עד) לייכטזיניג, ניט איבערלעגענט, אונבעזאנען.

gid'dy-paced *a.* (גיד'-אי-פייסט) וואס געהט מיט אונזיכערע טריט; וואס בעוועגט זיך שאקלענדיג; וואס האט ניט קיין רעגולערען גאנג.

gid'dy-pa'ted *a.* (גיד'-אי-פיי'-טעד) לייכטזיניג, אונבעשטענדיג.

gift *n. and v.* (גיפט) א גאבע, א מתנה; גייסטעס־גאבע, פעהיגקייט; בעגאבען, בעשענקען.

gift by will (גיפט באַי הוויל) א ירושה.

gif'ted *a.* (גיפ'-טעד) בעגאבט, בעשאנקען מיט געוויסע פעהיגקייטען.

gif'tedness *n.* (גיפ'-טעד-נעס) בעגאבטהייט; דאס זיין בעגאבט אדער בעשאנקען מיט א געוויסען טאלאנט.

gifts *n.* (גיפטס) ווייסע פלעקען אדער בליהונג אויף די נעגעל [א פאלקס־סימן, אז מען וועט קריגען א מתנה].

gig *n. and v.* (גיג) דאס וואס בעוועגט זיך און דרעהט זיך שנעל; א נאהר, א דריידעל; א לייכטער וואגען אויף צוויי רעדער; א מין לייכט שיפעל; א מאשין מיט זיך־דרעהענדע צייהנינג צילינדערס צו בערשטען וואל; א הארפון [א מין לאנגער גאפעל מיט צייהנינג שפיצען צו כאפען פיש]; א לייכטזיניגע, נאריש מיידעל; א לייכטזיניגער מענש; שנעל בעוועגען אדער דרעהען; כאפען פיש מיט א הארפון.

gigante'an *a.* (דזשאַי-גען-טי'-ען) ווי א גיגאנט, ווי א גבור; מעכטיג.

gigantesque' *a.* (דזשאַי-גען-טעסק') וואס פאסט פאר א גבור.

gigan'tic *a.* (דזשאַי-גען'-טיק) גיגאנטיש, ריעזענמעסיג, זעהר גרויס; ווי עס פאסט פאר א גיגאנט אדער גבור.

gigan'tically *adv.* (דזשאַי-גען'-טי-קעל-אי) גיגאנטיש; אויף א ריעזיגען אופן.

gigan'ticide *n.* (דזשאַי-גען'-טי-סאַיד) דאס אויס'הרג'ענען די ריעזען; א ריעזען־שלעגער.

gigan'tic lil'y (דזשאַי-גען'-טיק ליל'-אי) די ריעזען־ליליע [אזא בלומען־פלאנצע וואס וואקסט אויס גרויס ווי א בוים].



Gigantic Lily

gigan'tine *a.* (דזשאַי-גען'-טין) ריעזיג, אונגעהייער גרויס.

gigantol'ogy *n.* (דזשאי-גענ-טאל'-א-דזשי) די אבהאנדלונג װעגען ריזען.

gigantom'achy *n.* (דזשאי-גענ-טאמ'-ע-קי) דער קאמפף פון די טיטאנען מיט די געטער [אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

gig'gle *v. and n.* (גיגל) קייכען, לאכען שטארק; דאס קייכען פון געלעכטער.

gig'gler *n.* (גיג'-לער) א קייכער, א גרױסער לאכער.

gild *v. and n.* (גילד) פערגאָלדען, גילדען; פערציערען; א גילדע, א צעך; א רעליגיעזער פעראיין אדער קירך פאר נעגענזײטיגער שטיצע.

gil'der *n.* (גיל'-דער) א פערגאלדער; א גולדען [א האלענדישע זילבערנע מטבע, װערטה אוננעפעהר 40 אמעריקאנער סענט].

Gild'hal *n.* (גילד'-האהל) דער גילדע-זאאל אין לאנדאָן, ענגלאנד [אין דיזען זאאל װערען אבגעהאלטען אמטליכע פעסטליכקייטען, די זיצונגען פון פערשיעדענע לאנדאנער געריכטען און פון אנדערע אמטליכע קערפערשאפטען].

gild'hall *n.* (גילד'-האהל) א גילדע-זאאל [דער זאאל װאו די מיטגליעדער פון א גילדע אדער צעך פערזאמלען זיך].

gil'ding *n.* (גיל'-דינג) די פערגאלדונג; א גאלד-בעדעקונג; א פערשעהנערטע אויסערע בעדעקונג.

gil'ding-press *n.* (גיל'-דינג-פרעס) אין בוכבינדעריי — א פערגאלדונגס-פרעס [אזא פרעס צום פערגאלדען די טאװלען און די בלעטער-ראנדען פון ביכער].

gil'ding-tool *n.* (גיל'-דינג-טוהל) אין בוכבינדעריי — א פערגאלדונגס-שטעמפעל [א שטעמפעל צו פערגאלדען די טאװלען און די רוקענס פון ביכער].

gild the pill (גילד טהי פיל) פערזיסען די ביטערע פיל.

gild with blood (גילד װיטה בלאד) בעדעקען מיט בלוט.

gilet' *n.* (זשי-ליי') א זשילעט, א װעסט; א װעסט-איינזאץ אין א פרויען-קלייד.

gil'-hoo'ter *n.* (דזשיל'-הוה'-טער) ז. *barn-owl*

gill *n.* (דזשיל) א פליסיגקייטס-מאס פון א פיערטעל קװארט; דער גרונדערמאן [אזא פלאנצע]; קרייטער-ביער; א מיידעל, א געליעבטע.

gill *n. and v.* (גיל) קיעמען, זשאברע [דער אטהעמונגס-ארגאן ביי פיש און אנדערע װאסער-טהיערע]; א שמאלער טהאל; א שמאלער טהאל אין װעלכען עס פליסט א שטראמיג טייכעל; א קנייטש, א פאלד; אזא װאגען װאס בעשטעהט פון א ראהם מיט צװײ רעדער צו פיהרען באלקענס; פאנגען פיש פאר זייערע באקען מיט אזא ספעציעלען נעץ.

gill'-beer *n.* (דזשיל'-ביער) קרייטער-ביער [אזא זארט מאלץ-ביער אין װעלכען עס װערען ארייננעטהאן די בלעטער פון דער גרונדערמאן-פלאנצע].

gill'-cav'ity *n.* (גיל'-קעװ'-אי-טי) דאס גריבעלע װאו עס געפינען זיך די אטהעמונגס-ארגאנען ביי פיש.

gill'-cham'ber *n.* (גיל'-טשיימ'-בער) ז. *gill-cavity*

gill'-cov'er *n.* (גיל'-קאװ'-ער) די קיעמען-הויט [דאס הייטעל װאס בעדעקט די אטהעמונגס-ארגאנען ביי פיש].

gil'let *n.* (דזשיל'-עט) א מוטװיליגע אדער שאלקהאפטיגע פרוי אדער מיידעל.

gil'liflower *n.* (דזשיל'-אי-פלאו-ער) ז. *gillyflower*

gill'-lid *n.* (גיל'-ליד) ז. *gill-cover*

gil'lyflower *n.* (דזשיל'-אי-פלאו-ער) אין באטאניק — די נעלקע; די לעװקאיע; די װינטער-לעװקאיע; די זענעפט-פלאנצע; די װאנד-בלום.

gil'lyflower-ap'ple *n.* (דזשיל'-אי-פלאו-ער-ע'פל) אזא זארט לענגליכע און דונקעל-רױטע עפעל, װעלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין גוטען געשמאק.

gilt *a. and n.* (גילט) פערגאלדעט, בעגילט; פון גאלד-קאליר; דאס פערגאלדונגס-מאטעריאל; דאס אויסערליכע אויסזעהן; א יונגע ליאכע [חזיר'טע].

gilt'-backed *a.* (גילט'-בעקט) מיט א פערגאלדעטען רוקען [װעגען ביכער].

gilt'-edged *a.* (גילט'-עדזשד) 1. פון דעם בעסטען זארט; אויסגעצייכענט גוט; 2. מיט פערגאלדעטע בריעגען, מיט א פערגאלדעטען שניט [װעגען די בלעטער-ראנדען פון א בוך אדער פון װעלכע עס איז אנדערע דרוק-זאכען].

1. I bought some **gilt-edged** securities. 2. I received a book with **gilt-edged** leaves.

gilt'head *n.* (גילט'-העד) א גאלד-פיש [א נאמען פון פערשיעדענע זארטען פיש, װעלכע האבען א גאלד-קאליר].



Gilthead

gilt'tail *n.* (גילט'-טייל) דער גאלד-װארים [אזא װארים װאס זיין הינטערשטער טייל איז פון גאלד-געלבען קאליר].

gim'bal *n.* (דזשימ'-בעל) א באלאנסיר-רונגס-רינג, א פערריכטונג [װי אין דער פארם פון א רינג] צו האלטען אין גלייכגעװיכט אן ענגענדע זאך אדער צו ערמעגליכען די פרייע בעװעגונג פון אן ענגענדער זאך.

gim'bal-jawed *a.* (דזשימ'-בעל-דזשאהד) װאס האט א צו בעװעגליכע ארויסשטארטשענדע הינטערשטע קינבאק.

gim'blet *n.* (גימ'-בלעט) ז. *gimlet*

gim'crack *n. and a.* (דזשימ'-קרעק) א שפיעלכעל, א שעהנע ניט װיכטיגע זאך; שעהן, אבער ניט װיכטיג.

gim'crackery *n.* (דזשימ'-קרעק-ער-אי) שעהנע נארישקייטען אדער קלייניגקייטען.

gim'el *n.* (גימ'-על) א "ג" [דער דריטער אות פון אידישען אלף בית].

gim'let *n. and v.* (גימ'-לעט) א קליינער דריל אדער ענבער; בויערען; דרעהען [װי אן ענבער].

Gimlet

gim'let-eye *n.* (גימ'-לעט-אי) א קליין אויג מיט א שארפען אונאנגענעהמען בליק; א פערקרימט אויג.

gim'let-eyed *a.* (גימ'-לעט-אײד) שארפזיכטיג, װאס האט א שארפען בליק; װאס גריבעלט זיך אין קלייניגקייטען.

gimp *n. and v.* (גימפ) זייד-באנד, זייד-טאשמע; א דיקער זיידענער פאדים, נעבראכט אלס ברעגען ביי קישען-שפיצען [איינזאץ, קרוזשעװע]; מאכען אדער בעלעגען עפװאס מיט אזעלכע טאשמעס אדער פעדים.

gimped embroid'ery (גימפט עמ-בראיד'-ער-אי) בלאנק-שטיך [אויסנעהען מיט גאלד און זייד אזוי, אז די פיגורען אדער בוכשטאבען זאלען ארויסקומען רונד, גלאט און בולט].

gim'ping *n.* (גימ'-פינג) זיידענע-טאשמעס, זיידענע-באנד [געברויכט אין האפטען אדער אויסנעהען]. ז. *gimp*

gimp lace (גימפ לייס) איבער-שפיצען געװעבט מיט זייד.

gim'py *a.* (דזשימ'-פי) לעבעדיג, ספריטנע.

gin *n. and v.* (דזשין) א מאשין, א הויב-מאשין, א מאשין ארויפצושלאגען פלעקער, א פומפ, א מאשין צו רייניגען באװעל; א פאסטקע, א נעץ; בראנפען; װאכאלדער-בראנפען [אזא מין בראנפען געמאכט מיט װאכאלדער-יאגדעס]; אן אויסטראלישע פרוי; אן אלטע פרוי; אריינכאפען אין א פאסטקע.

gin and tat'ters (דזשין ענד טעט'-ערז) א שיכור אין טראנטעס.

gin'-blos'soms *n.* (דזשינ'-בלאס'-אמז) א רױטע נאז [פון שכרות].

gin'ger *n. and a.* (דזשינ'-דזשער) אינגבער; געמאכט מיט אדער פון אינגבער.

gingerade' *n.* (דזשינ-דזשער-אייד') א שמעקעדיגער געטראנק געמאכט מיט אינגבער.

gin'ger-ale *n.* (דזשינ'-דזשער-אייל) א שױמענדער געטראנק עהנליך צו אינגבער-ביער. ז. *ginger-beer*

gin'ger-beer *n.* (דזשינ'-דזשער-ביער) אינגבער-ביער [א שױמענדער געטראנק געמאכט מיט אינגבער, הייװען און צוקער].

gin'gerbread *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד) אינגבער-קוכען, האניג אדער פעפער-לעקעך; לעקעכלעך אויסגעמאכט אין פערשיעדענע פיגורען.

gin'gerbread-bat'tle *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-בעטל) א מלחמה מיט בלייענע סאלדאטלעך.

gin'gerbread-nut *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-נאט) פעפערנוס-קוכען [אזא מין לעקעכלעך].

gin'gerbread-plum *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-פלאם) די דומפאלמען-פלוים [די פרוכט פון דער דומפאלמע].

gin'gerbread-tree *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-טריע) א דומפאלמע [אזא פרוכט-בוים װאס װאקסט אין װעסט-אפריקא].

gin'gerbread-work *n.* (דזשינ'-דזשער-ברעד-װאירק) געשניצטע פערציערונגען [פאר געביידעס, מעבעל א. ד. ג. װערט געברויכט אלס אויסדרוק פון פעראכטונג].

gin'gerly *a. and adv.* (דזשינ'-דזשער-לי) זאכט, דעליקאט, פארזיכטיג [װעגען דער מאניער צו געהן]; פארזיכטיג ארומגעהן מיט זאכען; אויף א דעליקאטען, זאכטען, פארזיכטיגען שטײגער.

gin'gernut *n.* (דזשינ'-דזשער-נאט) א לעקעכעל געמאכט מיט אינגבער.

gin'ger-pop *n.* (דזשינ'-דזשער-פאפ) אינגבער-ביער.

gin'gersnap *n.* (דזשינ'-דזשער-סנעפ) א דינער לעקעך געמאכט מיט אינגבער.

gin'ger-wine *n.* (דזשינ'-דזשער-װאין)

אינגבער־וויין [א געטראנק געמאכט מיט אינגבער, לעמאָן־שאָלעכץ, הייוועז, ראזשינקעס און צוקער].

gin'ger-work *n.* (דזשינ'־דזשער־הוואירק) ז. ***gingerbread-work***

gin'gery *a.* (דזשינ'־דזשער־אי) שארף, פעפערדיג, בייסענד.

ging'ham *n. and a.* (גינג'־עם) גינגהאם אדער גינגאנג [אזא באוועלנער שטאָף]; געמאכט פון גינגהאם.

gin'ging *n.* (גינ'־דזשינג) די אויספוטערונג, דער בעשלאָג ארום די ווענד פון א שאכט.

gingi'væ *n.* (דזשינ־דזשאי'־וויע) די יאסלעס [צאהן־פלייש].

gingi'val *a.* (דזשינ־דזשאי'־וועל) וואס איז שייך צו די יאסלעס.

gingi'val line (דזשינ־דזשאי'־וועל לאַין) א רויטקייט אויף די יאסלעס וואס קומט פון געוויסע קראנקהייטען.

gingivi'tis *n.* (דזשינ־דזשי־וואי'־טיס) ענטצינדונג פון די יאסלעס [צאהן־פלייש].

ging'ko *n.* (גינג'־קאָו) אזא יאפאנעזער בוים וואס צייכענט זיך אוים מיט זיינע שעהנע בלעטער.

ging'ko-tree *n.* (גינג'־קאו־טריע) ז. ***gingko***

gin'glymoid *a.* (דזשינ'־גלי־מאָיד) אין אנאטאמיע — וואס האט דעם אויסזעהן פון א זאוויעסע אדער טהיר־אנגעל.

ginglymoi'dal *a.* (דזשינ־גלי־מאָי'־דעל) ז. ***ginglymoid***

gin'glymus *n.* (דזשינ'־גלי־מאס) אין אנאטאמיע — א ווינקעל־געלענק ווי א זאוויעסע אדער טהיר־אנגעל.

gin'-mill *n.* (דזשינ'־מיל) אין שכורים לשון — א פראסטער שענק וואו מען פערקויפט בראנפען.

gin'-pal'ace *n.* (דזשינ'־פעל'־עס) א רייכער בראנפען־שענק.

gin'seng *n.* (דזשינ'־סענג) גינסענג אדער קראפטווארצעל [אזא פלאנצע פון וועלכער די כינעזער מאכען פערשיעדענע מעדיצינען אין וועמעס ווירקונג זיי גלויבען זעהר שטארק].

gin'-shop *n.* (דזשינ'־שאָפּ) א שענק, א טראקטיר.

gin'-sling *n.* (דזשינ'־סלינג) א קאלטער געטראנק וואס איז געמישט פון וואסער, צוקער און א געוויסען זארט בראנפען.

Gip'sy *n. and a.* (דזשיפּ'־סי) א ציגיינער, א ציגיינערקע; די ציגיינערשע שפּראך; ציגיינעריש, ווי א ציגיינער.

gip'sy *n. and v.* (דזשיפּ'־סי) איינער אדער איינע וואס האט דעם כאראקטער אדער זעהט אוים ווי א ציגיינער; הוליען ווי א ציגיינער.

gip'sydom *n.* (דזשיפּ'־סי־דאָם) ציגיינערשאפט; דאס לעבען און די געוועהנהייטען פון ציגיינער.

gip'sy-hat *n.* (דזשיפּ'־סי־העט) א ציגיינער־הוט [א הוט מיט א ברייטען ראנד, מייסטענס א דאמען־הוט].

gip'sying *n.* (דזשיפּ'־סי־אינג) דאס ציגיינערישע לעבען און זייערע מנהגים.

gip'syism *n.* (דזשיפּ'־סי־איזם) ציגיינער־שטאנד; ציגיינעריי.

gip'sy-moth *n.* (דזשיפּ'־סי־מאָטה) דער ציגיינער־מאָיל [אזא זומער־פויגעלע]. ז. איל. ***"Butterflies"***

gip'sywort *n.* (דזשיפּ'־סי־הוואירט) די ציגיינער־קרויט [אזא פלאנצע].

giraffe' *n.* (דזשי־רעף') די זשיראפע [אזא חיה מיט א זעהר לאנגען האלז]; אזא וואגען וואס ווערט בענוצט אין שאכטען [קויהלען־גרובען אדער ערץ־מינען].



Giraffes

Giraffe' *n.* (דזשי־רעף') אין אסטראנאמיע — דאס זשיראף־שטערען־בילד.

gir'andole *n.* (דזשיר'־ען־דאָול) אן ארם־לייכטער, א לייכטער מיט רעהרען; אזא זארט פייערווערק וואס דרעהט זיך ווי א ראד; עטוואס וואס דרעהט זיך אין דער רונד ווי א וואסער־שטרודעל א. ד. ג.; א הענגענדע ציערונגס־שטיק.

gir'asol *n.* (דזשיר'־ע־סאָל) דער פייער־אפאל [אזא בלויליכער עדעלשטיין מיט א רויטליכען אבגלאנץ].

gir'asole *n.* (דזשיר'־ע־סאָול) ז. ***girasol***

gird *v. and n.* (גוירד) ארומגארטלען; אנגורטען; ארומרינגלען; אבלאכען, אבשפאטען, חוזק מאכען; שפאט, חוזק; א שטאָך־ווארט.

gir'der *n.* (גויר'־דער) א קווער־באלקען, א בינד־באלקען, א טראג־באלקען [ביי געביידען]; א חוזק־מאכער, אן אבלאכער; א סאטיריקער.

gir'der-bridge *n.* (גויר'־דער־ברידזש) א באלקען־בריק [א בריק וואס ווערט געשטיצט פון טראג־באלקענס].

gir'der-rail *n.* (גויר'־דער־רייל) א שטראסען־באהן רעלסע [שינע].

gir'ding *n. and a.* (גויר'־דינג) דאס ארומגארטלען; דאס איינוויקלען [ווי אין קליידער]; חוזק מאכענדיג, אבלאכענדיג; סארקאסטיש.

gir'ding-beam *n.* (גויר'־דינג־ביעם) א קווער־באלקען, א בינד־באלקען, א טראג־באלקען.

gir'dle *n. and v.* (גויר'דל) א גארטעל, א גורט; אן ארומקרייזונג; ארומגארטלען; ארומרינגלען, ארומקרייזען; מאכען א קרייז־ליניע.

gir'dler *n.* (גויר'־דלער) א גארטעל־מאכער.

gird one's self (גוירד הוואנז סעלף) זיך פערגארטלען, זיך פארטיג מאכען צו דער רייזע; זיך צוגרייטען צו עטוואס; זיך אונטערגארטלען [זיך אננעהמען מיט כח, זיך אנשטרענגען].

gird up one's loins (גוירד אָפּ הוואנז לאינז) אנגורטען די לענדען [זיך פארטיג מאכען צום קאמפף, זיך גרייטען צו דער ארבייט].

girl *n.* (גוירל) א מיידעל; א דיענסט־מיידעל.

girl'hood *n.* (גוירל'־הוד) מיידעלשאפט, מיידעלשע יאהרען.

gir'lish *a.* (גויר'־ליש) מיידעלש, וואס איז שייך צו א מיידעל.

gir'lishly *adv.* (גויר'־ליש־לי) אויף א מיידעלשען שטייגער.

gir'lishness *n.* (גויר'־ליש־נעס) מיידעלשקייט.

girl of the town (גוירל אוו טהי טאון) א גאסען־מיידעל.

Gironde' *n.* (דזשי־ראנד') די זשיראנדיסטען־פארטיי, די מעסיגע רעפובליקאנישע פארטיי, וועלכע האט געקעמפפט נעגען די יאקאבינער [די עקסטרעמע ראדיקאלען] אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן צום סוף פון 18טען יאהרהונדערט.

Giron'din *n.* (דזשי־ראנ'־דין) ז. ***Girondist***

Giron'dist *n.* (דזשי־ראנ'־דיסט) א זשיראנדיסט, א מיטגליעד פון דער זשיראנדיסטישער פארטיי אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. ז. ***Gironde***

gir'rock *n.* (גיר'־אָק) דער הארין־העכט [אזא פיש].

girt *v., a. and n.* (גוירט) אומגורטען, אומגארטלען; אומגעגארטעלט; ביי וועלכער די שטריק פון אנקער זיינען שטייף אנגעצויגען [ווענען א שיף אין ים]; אן ארומגורטונג, ארומרינגלונג; א גארטעל.

girth *n. and v.* (גוירטה) א פאדפרוהע אדער זאטעל־גארטעל; די ארומרינגלונג; א פאס א. ד. ג. וואס רינגעלט ארום א קערפער אדער פיגור; אומגארטלען א פערד מיט א פאדפרוהע אדער זאטעל־גארטעל.

girt'-line *n.* (גוירט'־לאַין) א שטריק אויף א רעדעל ארויפצוציהען אדער ארונטערצולאזען משא אויף א שיף.

gist *n.* (דזשיסט) דער עצם, דער הויפּט־פונקט, די תמצית פון א זאך.

git ! *int.* (גיט) ריהר זיך! טראג זיך אב! ארוים פון דאנען!

git'tern *n. and v.* (גיט'־ערן) א ציטרע [אן אלטפרענקישער מוזיקאלישער אינסטרומענט עהנליך צו א גיטארע]; שפּיעלען אויף א ציטרע.

give *v. and n.* (גיוו) געבען, אבגעבען, איבערגעבען, צוגעבען; שענקען; פערטיילען, מיטטיילען; ארויסברייגען; פעראורזאכען; מאכען מעגליך; נאכגעבען, נאכלאזען; זיך איבערגעבען; ווייכען; נאכגעבינקייט, בויגזאמקייט, דאס לאזען זיך בויגען.

give a back (גיוו ע בעק) אויסבויגען דעם רוקען און שטעהן איינגעבויגענערהייד, אום צו לאזען דעם, וואס שטעהט הינטען, ער זאל קענען אריבערשפּרינגען [ביי געוויסע שפּיעלען].

give a black eye (גיוו ע בלעק אי) "מאכען בלויע לאמטערנעס", אונטערשלאגען די אויגען.

give a bone to pick (גיוו ע באָון טו פּיק) געפינען פאר איינעם בעשעפטיגונג, געבען פרנסה; פערשטאפען איינעם דעם האלז; אנמאכען איבעריגע דאגות.

give a call (גיוו ע קאהל) קומען צו גאסט, בעזוכען.

give a cast (גיוו ע קעסט) געבען א פּראָבע.

give a chal'lenge (גיוו ע טשעל'-ענדזש) ארויסרופען איינעם אויף א דועל, דיספּוט א. ד. ג.

give a fall (גיוו ע פאָהל) אנידערווארפען, אומשליידערען.

give a glance (גיוו ע גלענס) א קוק טהאָן, ווארפען א בליק.

give a guess (גיוו ע געס) טרעפען.

give alarm' (גיוו ע-לארם') מאכען א טרעוואגע.

give a lead (גיוו ע ליעד) רייטען פאָרויס [ביי יאגד]; געבען א פּארצוג [אין א וועט-קאמפּף א. ד. ג.].

give a lick and prom'ise (גיוו ע ליק ענד פּראָמ'-איס) טהאָן א האלבע ארבייט.

give a lift (גיוו ע ליפט) ארויסהעלפען, שטעלען אויף די פיס.

give a look to (גיוו ע לוק טו) אכטונג געבען אויף עפּעס אדער אימעצען.

give an air'ing (גיוו ען עהר'-אינג) פיהרען שפּאצירען; דורכריימען; דורכלופטערען.

give'-and-take' *n. and a.* (גיוו'-ענד-טייק') דאס געבען און נעהמען אויף גלייכע בעדינגונגען; געגענזייטיגע הנחות; געגענזייטיגע טוישונג פון אידעען, זיטען א. ד. ג.; וואס כאראקטעריזירט זיך מיט דעם גייסט אדער פאדערונג פון געבען און נעהמען אויף גלייכע בעדינגונגען.

give an im'pulse (גיוו ען אימ'-פאלס) אויפרעגען אימעצען צו עפּעס, גיבען אן אנשטויס.

give an in'sight in'to (גיוו ען אינ'-סאיט אינ'-טו) אויפדעקען אדער ענטפּלעקען עפּעס פאר אימעצען.

give an opin'ion (גיוו ען א-פּינ'-יאן) ארויסזאגען א מיינונג.

give a rea'ding (גיוו ע ריע'-דינג) פארלעזען.

give a sen'tence (גיוו ע סענ'-טענס) משפּט'ען; ארויסזאגען אן אורטייל.

give a shock (גיוו ע שאק) אויפטרייסלען, אויפרודערען אימעצען [מיט אן אונערווארטעטער בשורה, מיט אן אונערווארטעטען קלאפּ].

give a sigh (גיוו ע סאי) א זיפץ טהאָן.

give a song (גיוו ע סאנג) עפּעס פארזינגען.

give a spread (גיוו ע ספּרעד) אויפנעהמען געסט.

give a stare (גיוו ע סטעהר) אויסשטעלען א פּאָר אויגען [אויף אימעצען אדער עטוואס].

give a start (גיוו ע סטארט) געבען א שטויס; גיבען אן אנשטויס; ברענגען אין בעוועגונג.

give atten'tion (גיוו ע-טענ'-שאן) אויפמערקזאם זיין, ווענדען די אויפמערקזאמקייט.

Why do you not give me your attention?

give au'dience to one (גיוו אה'-די-ענס טו הוואן) אימעצען אויסהערען.

give a vis'it (גיוו ע וויז'-איט) קומען צו גאסט צו אימעצען.

give away' (גיוו ע-הוויי') וועקגעבען, איבערגעבען; ארויסגעבען [א סוד]; מאַכען וויסען פאר אלעמען.

give a wide berth (גיוו ע הוואיד בוירטה) אויסמיידען.

give bat'tle (גיוו בעטל) געבען א שלאכט.

give begin'ning to (גיוו'-בי-גינ'-אינג טו) מאכען א התחלה פון עפּעס.

give birth (גיוו בוירטה) געבעהרען, ארויסברייינגען; זיין די אורזאכע אדער דער אנהויב פון עפּעס.

give but'ter (גיוו באט'-ער) מאכען קאמפּלימענטען.

give cheer (גיוו טשיער) צוגעבען מוטה, ערמונטערען.

give con'tent (גיוו קאנ'-טענט) געבען אן אינהאלט.

The addition of this short paragraph will give content to the entire address.

give content' (גיוו קאנ-טענט') בעפרידיגען.

Wealth too often fails to give content.

give cred'it (גיוו קרעד'-איט) 1. געבען קרעדיט, טרויען [אין מסחר]; 2. גלויבען; 3. אנערקענען.

1. I shall give your friend credit. 2. I give full credit to his statement. 3. Give me credit for patience.

give direc'tions (גיוו די-רעק'-שאנז) געבען אינסטרוקציעס, זאגען וואס מען דארף טהאָן.

give distaste' (גיוו דיס-טייסט') ארויסרופען אן עקעל.

give ear (גיוו איער) זיך איינהערען, זיך צוהערען מיט קאפּ.

give fear (גיוו פיער) אנשרעקען, סטראשען.

give forth (גיוו פאורטה) ארויסגעבען, פערעפענטליכען; דערצעהלען פאר אלעמען.

give ground (גיוו גראונד) 1. אבטרעטען פאר'ן שונא; אונטערגעבען זיך; 2. געבען א גרונד אדער א מעגליכקייט פאר עפּעס.

2. His attitude towards me gives ground for suspicion.

give heed (גיוו היעד) אויפפּאסען; זיך היטען; מערקזאם זיין, זיך צוהערען.

Give heed to his advice.

give in (גיוו אין) עפענטליך ערקלערען; מאכען וויסען; מסכים זיין.

give in pledge (גיוו אין פּלעדזש) פער'משכונ'ען.

give in'to cus'tody (גיוו אינ'-טו קאס'-טא-די) לאזען ארעסטירען.

give joy (גיוו דזשאי) דערפרעהען מיט עפּעס.

give judg'ment (גיוו דזשאדזש'-מענט) משפּט'ען, אורטיילען, ארויסזאגען א מיינונג.

give leave (גיוו ליעוו) ערלויבען; געבען אורלויב [וואקאציע].

give leg bail (גיוו לעג בייל) געבען א פוס-משכון [א הומאריסטישער אויסדרוק וועגען אנטלויפען פון טורמע].

give line to (גיוו לאין טו) געבען איינעם א געלעגענהייט.

give me (גיוו מי) איך וואלט בעסער וועלען.

Give me the good old times.

giv'en (גיוון) געגעבען; אבגעגעבען. ז. *give*

give no'tice (גיוו נאו'-טיס) לאזען וויסען.

giv'en part (גיוון פּארט) אין מוזיקאלישע קאמפּאזיציאנען — א באס אדער אנדער שטימע, וועלכע דיענט ביים זינגען אדער שפּיעלען א מעלאדיע אלס דער באזיס פון הארמאָניע.

giv'en to (גיוון טו) איבערגעגעבען, וואס האט א חשק צו עפּעס.

He is given to drinking.

giv'en to his bel'ly (גיוון טו היז בעל'-אי) א גע'שמד'טער האלז.

give off (גיוו אף) ארויסגעבען אדער ארויסלאזען פון זיך.

The fire gave off a dense smoke.

give offense' (גיוו א-פענס') פערשאפען איינעם אן אונאנגענעהמליכקייט.

give one fits (גיוו הוואן פיטס) אנפאלען אויף אימעצען, געבען איהם א "פארציע" פאר עפּעס.

give one's com'pliments (גיוו הוואנז קאמ'-פּלי-מענטס) גריסען; איבערגעבען א גרוס.

Give my compliments to your folk.

give one's love (גיוו הוואנז לאוו) הערצליך לאזען גריסען.

Give my love to your family.

give one's mind to (גיוו הוואנז מאינד טו) זיך איבערגעבען צו עפּעס, האבען א ליידענשאפט צו אימעצען אדער עפּעס.

He gave his mind to mathematics.

give one's respects' (גיוו הוואנז רי-ספּעקטס') גריסען; איבערגעבען א גרוס.

Give my respects to your sister.

give one the mit'ten (גיוו הוואן טהי מיטן) ענטזאגען צו הייראטען.

give or'ders (גיוו אר'-דערז) געבען אינסטרוקציעס, בעפעהלען.

The captain gave the orders.

give out (גיוו אוט) ארויסגעבען; פערעפענטליכען; ענטזאגען זיך; אבטרעטען; אבלאזען.

give o'ver (גיוו או'-ווער) אבזאגען זיך פון עפּעס; אויפגעבען אלע האפנונגען; זיך מיאש זיין; אויפהערען; פערווארפען.

give place (גיוו פּלייס) מאכען ארט; נאכגעבען; מאכען א ווארע.

give posses'sion (גיוו פּא-זעש'-אן) איבערגעבען אונטער אן אנדערנס קאנטראל אדער בעזיץ.

give pray'ers (גיוו פּרעהרז) תפלה טהאָן, דאווענען אויף א קול.

giv'er *n.* (גיוו'-ער) א געבער, א נדבן.

give rise (גיוו ראיז) לאזען פון זיך; עטוויקלען; זיין די אורזאכע פון עפּעס.

give room (גיוו רוהם) אויסוויכען; לאזען דעם פּלאץ; געבען איינעם א געלעגענהייט.

give the boots (גיוו טהי בוטס) פייניגען איינעם ער זאל זיך מודה זיין; לעבערליך מאכען.

give the law (גיוו טהי לאה) מאכען געזעצען.

give the lie (גיוו טהי לאי) בעווייזען יענעמס ליגען, צוזאגלען אלס ליגנער.

give the mit'ten (גיוו טהי מיטן) ווייזען איינעם די טהיר, ענטזאגען זיך צו הייראטען מיט איהם.

give the pass (גיוו טהי פּעס) לאזען דורכגעהן.

give the rein (גיוו טהי ריין) אבלאזען די לייצעס [לאזען טהאָן וואס מען וויל].

give the slip (גיוו טהי סליפּ) זיך פון איינעם ארויסדרעהען.

give up (גיוו אפּ) אונטערגעבען זיך; מיאש זיין זיך; ענטזאגען זיך פון עפּעס; פערליערען די האפנונגען צו דערגרייכען עפּעס.

give up the ghost (גיוו אפּ טהי גאוסט) נפטר ווערען, שטארבען.

give war'ning (גיוו הוואהר'-נינג) מזהיר זיין, ווארענען, קינדיגען.

give way (גיוו הוויי) נאכגעבען; ווייכער ווערען [וועגען א מענשען]; בויגען זיך; פּלאצען; פּאנאנדערפאלען.

giv'ing *n.* (גיוו'-אינג) דאס געבען; די גאבע

giz'zard *n.* (גיז'-ארד) דער פופּעק, דער מאגען פון אן עוף אדער אינזעקט.

G. L. *Grand Lodge* ראשי תבות פון

gla'brous *a.* (גליי'-בראס) גלאט; אהן האר, קאהל.

glacé' *a.* (גלע-סיי') גלאנ־; פערפראָרען; ציג [ווי אייז].

gla'cial *a.* (גליי'-שיעל) אייזיג, געפרא־רען; וואס האט א קאלטען אייזיגען אויס־זעהן; אין געאלאָגיע — וואס איז שייך צו דער אייז־פעריאָדע. ז. *glacial epoch*

gla'cial ep'och (גליי'-שיעל עפּ-אָק) די אייז־צייט, די אייז־פעריאָדע [די פּע־ריאָדע אין דער געשיכטע פון דער ערד, ווען — לויט דער מיינונג פון געאלאָגען — אן אייז־שיכט האט בעדעקט געוויסע טיי־לען פון דעם ערד־קוגעל].

gla'cialist *n.* (גליי'-שיעל-איסט) איינער וואס ערקלערט געוויסע געאלאָגישע ער־שיינונגען דורך דער טעאָריע פון אן אייז־פעריאָדע. ז. *glacial epoch*

gla'cially *adv.* (גליי'-שיעל-אי) אייזיג; פראָסטיג.

gla'cial pe'riod (גליי'-שיעל פּי'-רי-אָד) די אייז־פעריאָדע, די אייז־צייט. ז. *glacial epoch*

gla'cial the'ory (גליי'-שיעל טהי'-אָ-רי) די גלעטשער־טעאָריע, די טעאָריע וועגען דער אייז־צייט, לויט וועלכער גע־וויסע טיילען פון ערד־קוגעל זיינען בע־דעקט געוואָרען מיט אן אייז־שיכט דורך דער בעוועגונג פון גלעטשערס [אייז־מאסען אויף בערג].

gla'ciate *v.* (גליי'-שי-אייט) פערפרי־רען; ווערען צו אייז; בעדעקען מיט אייז; צוגעבען אן אייזיגען אדער פראָסטיגען אויסזעהן.

gla'ciated *a.* (גליי'-שי-איי-טעד) בע־דעקט מיט אייז.

glacia'tion *n.* (גליי-שי-איי'-שאַן) דאס פרירען, דאס פערפרארען ווערען; אייז.

gla'cier *n.* (גליי'-שיער) א גלעטשער [אן אייז־מאסע, וואס בילדעט זיך פון די צונויפגעפרעסטע שנעע־מאסען, וועלכע זאמ־לען זיך אן אויף די שפּיצען פון הויכע בערג].

Glacier

glacière' *n.* (גלעס-אי-עהר') אן אייז־הויל.

gla'cieret *n.* (גליי'-שיער-עט) א קליי־נער שיכט פון אייז, וואס ליגט אונטער דעם שנעע אויף די שפּיצען פון די קארדי־ליערען [די לאנגע וועסט־אמעריקאנישע קייט פון בערג] און זעהט זיך ארויס אין א טרוקענער ווארימער צייט, בעת דער שנעע צוגעהט.

gla'cio-a'queous *a.* (גליי'-שיאָ-איי'-קהווי-אַס) וואס איז שייך צו דער פער־איינינטער ווירקונג פון אייז מיט וואסער.

glaciol'ogy *n.* (גליי-שי-אָל'-אָ-דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער אויסבילדונג און ווירקונג פון גלעטשערס. ז. *glacier*

gla'cis *n.* (גליי'-סיס) א משופּע'דיגע פלע־כע, א שטח וואס לויפט בארג אראָב; אין פעסטונגען — דער גלאסיס [א משופּע־דיגער וואל פון ערד, וועלכער בעדעקט פון שונא דעם גראבען ארום דער פעס־טונג].

glad *a.* (גלעד) צופריעדען; פרעהליך; שיינענד, גלענצענד; מיט א פרעהליכען אויסזעהן; וואס געפעלט, וואס גיט צו־פריעדענהייט.

glad'den *v.* (גלעדן) גע־ערפרעהען; פעלען זיין; דערפרעהט ווערען.

glade *n.* (גלייד) אן אפּענער ארט אין א וואלד [א פּלאץ אין מיטען א וואלד, וועלכער איז ניט בעוואקסען מיט בוי־מער]; אן אפּענער ארט אין א פערפרא־רענעם טייך אדער אזיערע [דער ארט, וועלכער איז ניט פערפראָרען אדער איז בעדעקט מיט א דינעם הייטעל אייז]; א זומפּיג שטיק לאנד בעוואקסען מיט גראז.

glad'iate *a.* (גלעד'-אי-אייט) וואס האט די פארם פון א שווערד.

glad'iator *n.* (גלעד'-אי-איי-טאר) א גלאדיאטאר, איינער וואס פלעגט זיך שלא־גען אויף לעבען און טויט מיט אנדערע גלאדיאטארס אדער מיט ווילדע חיות אין די אלט־רוימישע צירקען; א פעכטער, א פויסט־שלעגער, א באקסער [איינער וואס שלאגט זיך מיט א צווייטען אין א צירק אדער אנדערע ערטער פאר א פּריז]; א דיספּוטאנט.

gladiato'rial *a.* (גלעד-אי-ע-טאָ'-רי-על) גלאדיאטאריש; וואס איז שייך צו די גלאדיאטארען אדער זייערע געפעכטען אין די אלט־רוימישע צירקען.

glad'iatorism *n.* (גלעד'-אי-איי-טאר-איזם) גלאדיאטאריזם, באקסעריי, דאס פעכטען זיך פון צוויי אדער עטליכע פער־זאנען פאר א פּריז.

glad'iatorship *n.* (גלעד'-אי-איי-טאר-שיפּ) די לאגע אדער בעשעפטיגונג פון א גלאדיאטאר. ז. *gladiator*

glad'iole *n.* (גלעד'-אי-אול) ז. *gladiolus*

gladi'olus *n.* (גלע-דאי'-א-לאס) איינע פון די אירים־פלאנצען [א מין גראז מיט א צוויבעל־פערמיגען ווארצעל, שווערד־פערמיגע בלעטער און געלבע אדער רויטע בליטהען]; אין אנאטאמיע — דער מיטע־לער טייל פון דעם ברוסט־קאסטען.

glad'ly *adv.* (גלעד'-לי) מיט גערן; פרייד; מיט פערגניגען.

The audience heard the speakers gladly.

glad'ness *n.* (גלעד'-נעס) פרייד, פרעה־ליכקייט, צופריעדענהייט.

glad'some *a.* (גלעד'-סאם) פרעהליך, צופריעדען; מיט פערגניגען; וואס ברייינגט צופריעדענהייט אדער פערגניגען.

glad'somely *adv.* (גלעד'-סאם-לי) מיט פרייד; אויף א פרעהליכער ארט.

glad'someness *n.* (גלעד'-סאם-נעס) דאס זיין ערפרעהענד, דאס ברייינגען צו־פריעדענהייט.

glad ti'dings (גלעד טאי'-דינגז) פרעה־ליכע בשורות.

glair *n. and v.* (גלעהר) דאס ווייסעל פון אן איי; א קלעפּיגע פליסיגע זאך [ווי דאס ווייסעל פון אן איי]; בעשמירען מיט דעם ווייסעל פון אן איי אדער מיט אן אנ־דערער קלעפּיגער פליסיגקייט.

glair'eous *a.* (גלעהר'-אי-אס) ווי א ווייסעל פון אן איי; קלעפּיג.

glam'er *n. and v.* (גלעמ'-ער) ז. *glamor*

glam'or *n. and v.* (גלעמ'-אר) א כשוף, א צויבער; אן אילוזיאָן; דאס מאכען אדער ווירקען אזוי, אז א זאך זאל זיך פארשטעלען ניט אין איהר ריכטיגען גע־שטאלט; פער'כשופ'ען, בעצויבערען.

glam'orous *a.* (גלעמ'-אר-אס) פער־כשופ'ט, בעצויבערט; ווי אן אילוזיאָן, פארגעשטעלט ניט אין דער ריכטיגער גע־שטאלט.

glance *n. and v.* (גלענס) א גלאנץ, א בליאסק, א שיין; א בליק, א קוק; א בליאסק טהאן; ווארפען א בליק; דורכלוי־פען, לייכט בעריהרען.

glance at (גלענס עט) מרמז זיין; לייכט בעריהרען; ווארפען א בליק אויף...

glance o'ver (גלענס או'-ווער) דורך־קוקען איבערפלעכליך, דורכלויפען א זאך מיט'ן אויג.

glan'cingly *adv.* (גלענ'-סינג-לי) דורכ־לויפענדיג, פארבייגעהענדיג, לייכט.

gland *n.* (גלענד) — א אין אנאטאמיע דריזע [איינער פון די שוואמיגע ארגא־נען אין קערפער פון א חיה אדער פלאנ־צע, דורך וועלכע עס ווערען אבגעזונדערט פייכטקייטען]; אין א דאמפּף־מאשין — דאס שטאפּ־קעסטעל [א צילינדער־פערמיג קעסטעל צוגעפעסטיגט צום דאמפּף־צילינ־דער, דורך וועלכען עס געהט דורך דער קאלבען־שטאנג. דיעזעס קעסטעל איז פעסט אנגעשטאפּט מיט א געוויסען מאטעריאל, כדי ניט ארויסצולאזען פון דאמפּף־צילינ־דער דעם דאמפּף].

glan'der *v.* (גלענ'-דער) אנשטעקען מיט דרוזע [אזא פערד־קראנקהייט].

glan'ders *n.* (גלענ'-דערז) די דרוזע [א מין אנשטעקיגע פערד־קראנקהייט].

glandif'erous *a.* (גלענ-דיפ'-ער-אס) אויף וועלכען עס וואקסען אייכעלען [חזיר'שע ניסלעך].

glan'diform *a.* (גלענ'-די-פארם) ווי א דריזע; אין דער פארם פון אן אייכעל [חזיר'שען נוס]. ז. *gland*

glan'dular *a.* (גלענ'-דיו-לער) וואס איז שייך צו א דריזע [ז. *gland*]; אויף וועלכען עס וואקסען אייכעלען [חזיר'שע נים].

glandula'tion *n.* (גלענ-דיו-ליי'-שאן) די אויסבילדונגען פון די ארגאנען ביי א פלאנצע, דורך וועלכע עס ווערען אבגע־זונדערט פייכטקייטען.

glan'dule *n.* (גלענ'-דיול) א קליינע דריזע. ז. *gland*

glandulif'erous *a.* (גלענ-דיו-ליפ'-ע-ראס) אויף וועלכען עס וואקסען אייכעלען [חזיר'שע ניסלעך].

glan'dulose *a.* (גלענ'-דיו-לאָס) ז. *glandular*

glan'dulous *a.* (גלענ'-דיו-לאס) ז. *glandular*

glans *n.* (גלענז) אן אייכעל [חזיר'שער נוס]; אין אנאטאמיע — א דריזע. ז. *gland*

glare *v., n. and a.* (גלעהר) שטארק שיינען אדער לייכטען; בלענדען; קוקען ווילד אדער דורכדרינגענד; גלאצען מיט די אויגען; זיין אויסערגעוועהנליך שיי־נענד, גלענצענד אדער בלענדענד; בלענ־דונג; שטארקער גלאנץ אדער שיין; א שארפער, דורכדרינגענדער בליק; א שטרע־קע בעדעקט מיט אייז; גלאט, גליטשיג; דורכזיכטיג, גלעזערדיג.

glare'-ice *n.* (גלעהר'-איס) העל-גלאנציג און דורכזיכטיג אייז.

glar'iness *n.* (גלעהר'-אי-נעס) דאס זיין פינקלענד, גלאנציג, גלענצענד, העל אדער בלענדענד.

glar'ing *a.* (גלעהר'-אינג) העל, גלענצענד, בלענדענד; גלאצענד מיט די אויגען, קוקענדיג ווילד און דורכדרינגענד; אפען, קלאר; דרייסט; אונפערשעמט.

glar'ingly *adv.* (גלעהר'-אינג-לי) אויף א בלענדענדען שטייגער; אויף אן אפענעם, קלארען אופן; מיט דרייסטקייט; מיט אונפערשעמטקייט.

glar'ingness *n.* (גלעהר'-אינג-נעס) ז. *glariness*.

glar'y *a.* (גלעהר'-אי) העל, בלענדענד, גלענצענד; בעדעקט מיט גלאנצינען אייז; בעדעקט מיט אייז.

glass *n., a. and v.* (גלעס) גלאז; א גלאז; א גלעזערנע כלי אדער אינסטרומענט געמאכט פון גלאז [ווי א זאמדזייגער, א טערמאמעטער, א באראמעטער, אפטישע אינסטרומענטען א. ד. ג.]; א שויב; א שפיעגעל; געמאכט פון גלאז, גלעזערן; בעדעקען מיט גלאז, איינראהמען אין גלאז; מאכען עס זאל אויסזעהן ווי גלאז; גלאזירען, פאלירען; אבשפיעגלען; צייגען אדער זעהן אן אבשפיעגלונג.

glass'-blow'er *n.* (גלעס'-בלאו'-ער) א גלאז-בלאזער [וואס בלאזט אויס גלעזערנע כלים].

glass'-blow'ing *n.* (גלעס'-בלאו'-אינג) דאס אויסבלאזען פערשיעדענע גלעזערנע כלים.

glass'-case *n.* (גלעס'-קייס) א שוי-קאסטען, א וויטרינע, א גלעזערנער קאסטען פאר אויסשטעלען סחורות.

glass'chord *n.* (גלעס'-קאהרד) אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט, אין וועלכען די טענער ווערען ארויסגעבראכט פון גלעזערנע שטענגלעך אדער גלעזלעך.

glass'-cloth *n.* (גלעס'-קלאטה) א האנדטוך פאר גלעזערנע און פארצעלייענע געשיר; אזא געשטרייפטער לייווענד וואס ווערט געברויכט ביים אויסנעהען; גלאז-קאטון [א שטאף געוועבט פון דינע גלעזערנע פעדימלעך].

glass'-cut'ter *n.* (גלעס'-קאט'-ער) איינער אדער עטוואס וואס שניידט אדער שלייפט גלאז; אן אינסטרומענט צו שניידען גלאז.



Glass-cutter

glass'-cut'ting *n.* (גלעס'-קאט'-אינג) דאס גלאז-שניידען, דאס גלאז-שלייפען.

glass'-drop *n.* (גלעס'-דראפ) א גלעזערנע פערציערונג.

glass'-drop'per *n.* (גלעס'-דראפ'-ער) אן אויגען-שפריצער [אריינצולאזען טראפען אין די אויגען].

glass'-dust *n.* (גלעס'-דאסט) גלאז-שטויב [ווערט געברויכט צו מאכען גלאז-פאפיער צום פאלירען].

glass enam'el (גלעס ע-נעמ'-על) מאט גלאז.

glass'-engra'ving *n.* (גלעס'-ענ-גריי'-ווינג) ז. *glass-cutting*.

glass'es *n.* (גלעס'-עז) ברילען.

glass'-eye *n.* (גלעס'-אי) א קינסטליך גלעזערנע אויג; גלאז-אויגען [אזא אויגען-קראנקהייט ביי פערד, ווען דער שווארצאפעל איז צוצויגען און דאס אויג האט א גלעזערנעם אויסזעהן].

glass'-eyed *a.* (גלעס'-איד) מיט א קינסטליכען גלעזערנעם אויג; וואס האט א גלעזערנעם [פערשטארטען] בליק; וואס ליידט פון גלאז-אויג [אזא אויגען-קראנקהייט ביי פערד]. ז. *glass-eye*.

glass'-faced *a.* (גלעס'-פייסט) מיט א פנים ווי א שפיעגעל [וואס טהוט נאך יענעם, וואס שפיעגעלט אב אן אנדערענס געפיהלען].

glass'-foun'der *n.* (גלעס'-פאונ'-דער) א גלאז-גיסער, איינער וואס ארבייט ביי גלאז אדער מאכט גלעזערנע כלים.

glass'-frame *n.* (גלעס'-פריים) א גלעזערנער צודעק פאר פלאנצען.

glass'ful *n.* (גלעס'-פול) א גלאז אדער א גלאז-מאס [וויפיעל א גלאז קען ענטהאלטען].

glass'-fur'nace *n.* (גלעס'-פויר'-נעס) אן אויוועז, וואו מען שמעלצט גלאז.

glass'-gall *n.* (גלעס'-גאהל) גלאז-שוים [א שוים וואס בעווייזט זיך אויף דער אויבערפלעכע פון דער צוזאמענגעמישטער מאסע, פון וועלכער עס בילדעט זיך גלאז].

glass'-ga'zing *n. and a.* (גלעס'-גיי'-זינג) דאס שפיעגלען זיך; זיך שפיעגלענד.

glass'-glazed *a.* (גלעס'-גלייזד) גלאזירט, בעדעקט מיט גלאז אדער ווי מיט גלאז.

glass'-glazed ware (גלעס'-גלייזד הוועהר) געשיר מיט א בולט'ער גלאזור אדער גלאזירט מיט ריינעם גלאז.

glass'-grin'der *n.* (גלעס'-גראינ'-דער) א גלאז-שלייפער.

glass'-grin'ding *n.* (גלעס'-גראינ'-דינג) דאס גלאז-שלייפען.

glass'-house *n.* (גלעס'-האוס) א גלאז-פאבריק; אן אראנזשערעע, א טרייב-הויז; א צימער מיט א גלעזערנעם דאך צוגעפאסט צום פאטאגראפירען.

glass'ily *adv.* (גלעס'-אי-לי) אזוי ווי גלאז.

glass'iness *n.* (גלעס'-אי-נעס) גלאזיגקייט, דאס האבען דאס אויסזעהן אדער די איינענשאפטען פון גלאז.

glass'-ma'ker *n.* (גלעס'-מיי'-קער) איינער וואס ארבייט ביי גלאז אדער וואס מאכט גלעזערנע כלים.

glass'-ma'ker's soap (גלעס'-מיי'-קערז סאופ) געוויסע שטאפען, וואס ווערען בענוצט פון די גלאז-מאכער צו פערטרייבען די גרינע פארב, וואס בלייבט פון די אייזען-זאלצען. ז. *glass-soap*.

glass'-ma'king *n.* (גלעס'-מיי'-קינג) גלאז-מאכעריי; גלאז-גיסעריי.

glass'man *n.* (גלעס'-מען) א גלאז-מאכער; א גלאז-הענדלער; א גלעזער [וואס שטעלט אריין שויבען]; א גלאזירער [וואס בעדעקט געשיר מיט גלאזור].

glass'-met'al *n.* (גלעס'-מעט'-על) דער צושמאלצענער שטאף, פון וועלכען מען מאכט גלאז.

glass'-moun'ter *n.* (גלעס'-מאונ'-טער) איינער וואס מאכט בעציערונגען אויף גלעזערנע זאכען.

glass'-ov'en *n.* (גלעס'-אוו'ן) אן אויוועז, וואו גלעזערנע נור וואס פאבריצירטע זאכען ווערען ביסלעכווייז אבגעקיהלט.

glass o'ver (גלעס או'-ווער) בעדעקען מיט גלאז, איינפאסען אין גלאז.

glass'-pain'ter *n.* (גלעס'-פיינ'-טער) א גלאז-מאהלער, א מאהלער אויף גלאז; איינער וואס שטעלט צוזאמען פיגורען פון שטיקלעך קאלירט גלאז.

glass'-pain'ting *n.* (גלעס'-פיינ'-טינג) גלאז-מאהלעריי; דאס מאהלען אויף גלאז; א מאזאאיקע, א געמעהל וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך פארביג גלאז.

glass'-pa'per *n. and v.* (גלעס'-פיי'-פער) גלאז-פאפיער [געברויכט צום פאלירען, ווערט געמאכט פון גלאז-שטויב]; פאלירען מיט גלאז-פאפיער.

glass'-pot *n.* (גלעס'-פאט) א שמעלץ-טאפ פאר גלאז.

glass'pox *n.* (גלעס'-פאקס) ווינד-פאקען.

glass'-soap *n.* (גלעס'-סאופ) געוויסע פערזויערענדע שטאפען, בענוצט פון די גלאז-מאכער, כדי צו פערטרייבען די גרינע פארב, וואס די אייזען-זאלצען ברענגען מיט זיך.

glass'-tin'ner *n.* (גלעס'-טינ'-ער) דער ארבייטער וואס לעגט ארויף די צין-פאליע אויף דער הינטערשטער זייט פון'ם שפיעגעל.

glass'-tongs *n.* (גלעס'-טאנגז) א צוואנג אין גלאז-פאבריקען, מיט וועלכען מען נעהמט אן די נאך ניט-אבגעקיהלטע גלעזערנע כלים.

glass'ware *n.* (גלעס'-הוועהר) גלאז-ווארע, גלאזווארג, גלאז-געשיר.

glass'-work *n.* (גלעס'-הוואירק) גלאז-מאכעריי; גלאזווארג.

glass'-works *n.* (גלעס'-הוואירקס) א גלאז-פאבריק.

glass'wort *n.* (גלעס'-הוואירט) גלאז-שמאלץ אדער ים-זאלצקרויט [אזא פלאנצע].

glass'y *a.* (גלעס'-אי) גלאזיג, גלעזערן.

glauces'cence *n.* (גלאה-סעס'-ענס) בלוי-גרינליכקייט [דער קאליר פון ים-וואסער].

glauces'cent *a.* (גלאה-סעס'-ענט) בלויליך-גרין אדער גרינליך-בלוי [ווי ים-וואסער].

glau'cine *a.* (גלאה'-סין) ז. *glaucescent*.

glauco'ma *n.* (גלאה-קאו'-מא) גלאוקאמא, דער גרינער שטאר [א מין אויגען-קראנקהייט, וועלכע פעראורזאכט בלינדקייט].

glaucom'atous *a.* (גלאה-קאמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו גלאוקאמא. ז. *glaucoma*.

glauco'sis *n.* (גלאה-קאו'-סיס) ז. *glaucoma*.

glau'cous *a.* (גלאה'-קאס) בלוי-גרין אדער גרין-בלוי [ווי ים-וואסער]; ביי פלאנצען און חיות — גרויליך-גרין אדער גרויליך-בלוי.

glaur *v.* (גלאהר) אויסשמירען; מאכען גליטשיג.

glave *n.* (גלייוו) אן אמאליגע וואפע וואס איז בעשטאנען פון א מין האק אויף א לאנגען שטעקען.

glaved *a.* (גלייווד) בעוואפענט מיט אזא געוועהר וואס בעשטעהט פון א לאנגען שטעקען מיט א האק; בעוואפענט.

glav'er *v.* (גלעוו'-ער) פלוידערען; חנפ'נען.

glaze *v. and n.* (גלייז) אנגלאזען, אריינשטעלען שויבען, בעדעקען מיט גלאז; איבערציהען מיט גלאזור, ארויפציהען א גלאנץ; ווערען איבערגעצויגען מיט גלאזור, בעקומען א גלאנציגען אויסזעהן; אין אויל-מאהלעריי — בעדעקען א בילד מיט א דינער דורכזיכטיגער פארבען-שיכט; גלאזור; פאלירטקייט, גלאנציגקייט; אין אויל-מאהלעריי — א דינע דורכזיכטיגע פארבען-שיכט אויף א בילד.

gla'zer *n.* (גליי'-זער) א גלאזירער [וואס בעדעקט געשיר מיט גלאזור]; א פאליר-ראד.

gla'zier *n.* (גליי'-זשער) א גלעזער; א גלאזירער.

gla'zing *n.* (גליי'-זינג) דאס גלאזירען, גלאזירונג; דאס אנגלאזען, דאס אריינשטעלען שויבען; גלאז-ארבייט; שויבען; אין אויל-מאהלעריי — דאס בעדעקען א בילד מיט א דינער דורכזיכטיגער פארבען-שיכט.

gla'zing-cal'ender *n.* (גליי'-זינג-קעל'-ענ-דער) א פרעס, וואס מען בענוצט צו מאכען פאפיער אדער אנדערע שטאפען גלאנציג.

gla'zing-machine' *n.* (גליי'-זינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען פאפיער גלאט און גלאנציג.

gleam *n. and v.* (גליעם) העלקייט, גלאנץ; א שיין, א שטראהל, א שימער; א בליץ, א בליצארטינער פלעצליכער אויסברוך; שיינען, פינקלען, שטראהלען, גלאנצען; אויפבליצען, פלעצליך ערשיינען.

glea'ming *n.* (גליע'-מינג) א שימער, א שיין, א שטראהל.

glea'my *a.* (גליע'-מי) שטראהלענד, פינקלענד, שימערענד.

glean *v. and n.* (גליען) נאכזאמלען, זאמלען די פערבליבענע זאנגען אויף'ן פעלד; צונויפקלייבען [וויים פאנאנדערגעווארפענע זאכען]; זאמלען לאנגזאם און געדולדיג; א בינטעל תבואה צונויפגעקליבען פון א נאכזאמלער; עטוואס וואס ווערט צונויפגעקליבען [וועגען וויים-פאנאנדערגעווארפענע זאכען]; נאכגעבורט, ארט, שליה [ביי הויז-טהיערע].

glea'ner *n.* (גליע'-נער) א נאכזאמלער [איינער וואס זאמעלט צונויף די איבערגעבליבענע זאנגען אויף די פעלדער]; איינער וואס זאמעלט איבערגעבליבענע אדער וויים-פאנאנדערגעווארפענע זאכען; א זאמלער; איינער וואס זאמעלט לאנגזאם און געדולדיג; א גראבליע אדער ווידלע צו כאפען אוסטריצעס.

glea'ning *n.* (גליע'-נינג) די זאמלונג פון איבערגעבליבענע אדער פאנאנדערגעווארפענע זאכען [הויפטזעכליך וועגען זאנגען]; א זאמלונג [הויפטזעכליך פון פאנאנדערגעווארפענע זאכען].

glebe *n.* (גליעב) ערד-באדען; קולטיווירטער באדען; טארף; ערד וואס ענטהאלט מינעראלען; קירכען-לאנד.

glebe'-land *n.* (גליעב'-לענד) קירכען-לאנד.

gle'bous *a.* (גליע'-באס) פול מיט טארף.

gle'by *a.* (גליע'-בי) ז. *glebous*

glede *n.* (גליעד) אזא מין שפארבער אדער קארשון [אזא רויב-פויגעל].

glee *n.* (גליע) פרייד, לוסטיגקייט; א רונד-געזאנג, א געזעלשאפט-געזאנג.

glee'-club *n.* (גליע'-קלאב) א געזאנג-פעראיין.

gleed *n.* (גליעד) א גליהענדע קויהל; א פלאם, א גלוט; א מין שפארבער [אזא רויב-פויגעל].

glee'ful *a.* (גליע'-פול) לוסטיג, פרעהליך.

glee'fully *adv.* (גליע'-פול-אי) אויף א לוסטיגען, פרעהליכען שטייגער.

gleek *n. and v.* (גליעק) אזא קארטען-שפיעל [פון דריי פערזאן מיט 40 קארטען]; דריי קארטען פון דעמזעלבען מין אין דיעזען שפיעל; בעקומען די אויבערהאנד אין דיעזען שפיעל.

glee'man *n.* (גליע'-מען) א זינגער; אין די אמאליגע צייטען — א וואנדערענדער זינגער.

glee'some *a.* (גליע'-סאם) פרעהליך, לוסטיג.

gleet *n.* (גליעט) אייטער, פלוס, פלאגמע [הויפטזעכליך וואס קומט פון אורין-קאנאל ביי דער ווענערישער קראנקהייט גאנארעהע אדער טריפער].

glee'ty *a.* (גליע'-טי) אייטעריג, פלוסיג. ז. *gleet*

glen *n.* (גלען) א שמאלער טהאל צווישען בערג.

gle'ne *n.* (גליע'-ניע) דאס אויג, דער שווארצאפעל; א קליינע פערטיעפונג אין וועלכער עס קומט אריין א ביין.

glib *a. and n.* (גליב) גלאט; גליטשיג; פליסיג, געלויפיג; א לאק האר, וואס פאלט אויף די אויגען; א מענש וואס טראגט אזא לאק האר.

glib'ly *adv.* (גליב'-לי) זיך גליטשענדיג; אויף א פליסיגען, געלויפיגען שטייגער.

glib'ness *n.* (גליב'-נעס) גליטשיגקייט; געשווינדקייט, געלויפיגקייט.

glide *v. and n.* (גלאיד) גליטשען, פליסען; זיך לייכט בעוועגען; אין מוזיק — איבערגעהן פון איין טאן צום צווייטען אהן אן אונטערברעכונג; דאס גליטשען, דאס שוועבען, דאס פליסען; אין מוזיק — דאס פערייניגען צוויי טענער, וואס פאלגען איינער נאך'ן אנדערען, אהן אן אונטערברעכונג; אין טאנצען — א מין לייכטער וואלץ.

glide in'to (גלאיד אינ'-טו) זיך אריינגליטשען, אונבעמערקט איבערגעהן אין עפעס.

gli'der *n.* (גלאי'-דער) דער אדער דאס וואס גליטשט זיך.

gli'dingly *adv.* (גלאי'-דינג-לי) אויף א גליטשיגען, פליסענדען שטייגער.

glim'mer *v. and n.* (גלים'-ער) גלימערען, שיינען אדער ברענען שוואך; א גלימער, דאס שוואכע שיינען אדער ברענען [פון א ליכט]; גלימער [א מין שטיין וועלכער שפאלט זיך אויף דינע בלעטער וועלכע זיינען דורכזיכטיג ווי גלאז. ווערט געברויכט פאר אויווען-שייבלעך].

glim'mering *n.* (גלים'-ער-אינג) דאס גלימערען, דאס שוואכע שיינען אדער ברענען.

glim'meringly *adv.* (גלים'-ער-אינג-לי) שימערענד, גלימערענד.

glimpse *v. and n.* (גלימפס) שימערען; גלימערען; בעווייזען זיך מאמענטאל און פערשווינדען;ווארפען א בליק; א קוק טהאן פארבייגעהענדיג; דער שימער, דאס גלימערען; דאס ווארפען א בליק אויף עפעס; א שוואכע פארשטעלונג וועגען עפעס.

glimpse of hope (גלימפס אוו האופ) א האפנונגס-שטראהל.

glint *v. and n.* (גלינט) אבשיינען; גלאנצען; שיינען; אבווארפען א שטראהל; דאס שימערען; אן אבשיין.

gli'rine *a.* (גלאי'-ריין) עהנליך צו א שלאף-מויז אדער וועווערקע-מויז [ז. *dormouse*]; גריזשענד, וואס איז שייך צו גריזשענדע חיה'לעך.

glissade' *n.* (גלי-סייד') א גליטש, דאס גליטשען זיך; אין טאנצען — א גליטש מיט א פוס; אין מוזיק — דאס לייכט און שנעל אריבערלויפען מיט די שפיצען פינגער איבער די קלאווישען [ז. *glissando*].

glissan'do *n.* (גלי-סענ'-דאו) אין פיאנא-שפיעל — דאס איבערלויפען שנעל און לייכט מיט די שפיצען פינגער איבער די קלאווישען; דאס שנעל שפיעלען מיט איין בויגען-בעוועגונג עטליכע נאטען [אויף'ן פידעל].

glissaune' *n.* (גלי-סאהן') דער שווארצער מערלאן [אזא גרויסער שטאק-פיש]. ז. *coal-fish*

glist *n.* (גליסט) דער גלימער [א שטיין, וועלכער שפאלט זיך אויף דינע דורכזיכטיגע בלעטלעך].

glis'ten *v.* (גליסן) שטראהלען, גלענצען, שימערען.

glit'ter *v. and n.* (גליט'-ער) בלישטשען, גלענצען; האבען א גלאנצינען אויסזעהן, זיין גלענצענד; גלאנץ; א בלישטשענדער אויסזעהן.

glit'tering *a.* (גליט'-ער-אינג) בלישטשענד, גלענצענד.

glit'tering general'ities (גליט'-ער-אינג דזשענ-ע-רעל'-אי-טיז) קלינגענדע פראזען, הויכע מליצות.

glit'teringly *adv.* (גליט'-ער-אינג-לי) אויף א גלענצענדער ארט.

glit'tery *a.* (גליט'-ער-אי) וואס בלאנקט, וואס בלישטשעט.

gloam *n. and v.* (גלאום) די דעמערונג, בין-השמשות; די צייט פון אונטערגאנג; פינסטער ווערען.

gloa'ming *n.* (גלאו'-מינג) דעמערונג, דונקעלקייט, בין-השמשות; די אונטערגאנגס-צייט.

gloat *v.* (גלאוט) אויסגלאצען די אויגען; ניט ארונטערנעהמען דעם בליק; קוקען אויף עפעס מיט אן אינערליכער פרייד.

glo'bal *a.* (גלאו'-בעל) קוגעל-פערמיג; ווי א קויל; פערשפרייט איבער דער גאנצער ערד אדער וועלט; וואס איז שייך צו דער ערד אדער וועלט.

glo'bate *a.* (גלאו'-בייט) וואס האט די פארם פון א קויל; ספעריש; קיילעכדיג.

glo'bated *a.* (גלאו'-ביי-טעד) ז. *globate*

globe *n.* (גלאוב) א קויל, א קוגעל, א קיילעכדיגע זאך; די ערד; א גלאבוס [א קיילעכדיגע פיגור וואס שטעלט פאר די ערד].

Globe

globe'-am'aranth *n.* (גלאוב'-עמ'-ע-רענטה) די רויטע אימארטעלע [א פלאנצע מיט פיעל ווייסע און רויטע בלומען, וועלכע ווערען ניט פערוועלקט א לאנגע צייט נאכדעם ווי מען האט זיי אבגעריסען].

globe'-an'imal *n.* (גלאוב'-ענ'-אי-מעל) דאס קוגעלטהיער [א קליינע קוגעל-

פערמיגע פלאנצע, וועלכע מען האט אמאל געהאלטען פאר א חיה].

globed *a.* (גלאובד) קיילעכדיג, קוגעל-ארטיג.

globe′-fish *n.* (גלאוב′-פיש) דער קוגעל-פיש [ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם וואס ער קען זיך אנבלאזען אזוי, אז ער זעהט אויס כמעט ווי א פאלשטענדיגער קוגעל].



Globe-fish

globe′-flow′er *n.* (גלאוב′-פלאו′-ער) די קוגעל-בלום [א מין אייראפעאישע בערג-פלאנצע מיט טונקעל-געלבע בלומען].

Globe-flower

globe of the eye (גלאוב אוו טהי אי) דער אויג-אפעל.

globe′-this′tle *n.* (גלאוב′-טהיסל) דער קוגעל-דארן [א פלאנצע, וועלכע האט שטעכיגע בלעטער און קוגעל-פערמיגע בליטהען, וואקסט אין די געגענדען פון מיטעללענדישען ים].

Globe-thistle

globe′-trot′ter *n.* (גלאוב′-טראט′-ער) דער וואס טרעט אויס די גאנצע ערד; א טוריסט, איינער וואס פאהרט ארום אויף לוסט-רייזען.

globose′ *a.* (גלא-באוס′) קוגעלפערמיג, קיילעכדיג, רונד.

globos′ity *n.* (גלא-באס′-אי-טי) רונדקייט, קיילעכדיגקייט.

glob′ular *a.* (גלאב′-יו-לאר) ז. ***globose***.

glob′ularness *n.* (גלאב′-יו-לאר-נעס) קיילעכדיגקייט, קוגעל-פערמיגקייט.

glob′ule *n.* (גלאב′-יול) א קיילכעלע.

glob′ulin *n.* (גלאב′-יו-לין) גלאבולין [א מין איי-ווייסער שטאף, וואס געפינט זיך אין בלוט, אין די מוסקולען און אין דער קריסטאל-לינזע פון אויג].

glob′ulet *n.* (גלאב′-יו-לעט) א קיילכעלע.

glob′ulism *n.* (גלאב′-יו-ליזם) דאס צוריכטען מעדיצין אין פילען.

glo′bus *n.* (גלאו′-באס) א גלאבוס, א קוגעל, א באל.

glo′by *a.* (גלאו′-בי) רונד, קיילעכדיג; וואס האט די פארם פון א גלאבוס אדער באל.

glom′erate *v. and a.* (גלאמ′-ע-רייט) צונויפוויקלען אין א קנויל; צונויפקנוילען; קנוילען-פערמיג [וועגען פלאנצען, ווי קרויט למשל]; וואס איז ווי א קנויל [וועגען דריזען אדער מאנדלען פון קערפער].

glom′erous *a.* (גלאמ′-ע-ראס) צונויפגעקנוילט.

glomer′ulate *a.* (גלא-מער′-או-לייט) געפארעמט קנוילען אדער קעפלעך.

glom′erule *n.* (גלאמ′-ע-רול) א קנויל; א בליטהען-קאפ [ביי געוויסע פלאנצען].

Glomerule

glomer′ulus *n.* (גלא-מער′-או-לאס) א קנויל; א קנויל-פערמיגע מאסע.

gloom *n. and v.* (גלוהם) פינסטערקייט, דונקעלהייט; טרווירינקייט, בעטריבטהייט; גערריקטע שטימונג; ווערען דונקעל אדער פינסטער; זיין אומעדיג; ווערען מעלאנכאליש; פינסטער אדער דונקעל מאכען, פערדונקלען, פערפינסטערען; מאכען טרויעריג אדער בעטריבט.

gloom′ily *adv.* (גלוהמ′-אי-לי) פינסטערליך, דונקעל; בעטריבט, טרויעריג.

gloom′iness *n.* (גלוהמ′-אי-נעס) פינסטערקייט, דונקעלהייט; טרויעריגקייט, בעטריבטהייט.

gloom′ing *a.* (גלוהמ′-אינג) ז. ***gloomy***.

gloom′y *a.* (גלוהמ′-אי) פינסטער, דונקעל; טרויעריג, אומעדיג, מעלאנכאליש.

glo′ria *n.* (גלאו′-רי-א) א שבח, א לויב-געזאנג צו גאט.

glorifica′tion *n.* (גלאו-רי-פי-קיי′-שאן) דאס ריהמען; דאס זינגען לויב-געזאנגען; דאס הויבען אין הימעל אריין; דאס בעדעקען מיט גלאריע [רוהם].

glo′rifier *n.* (גלאו′-רי-פאי-ער) איינער וואס ריהמט אדער זינגט לויב-געזאנגען.

glo′rify *v.* (גלאו′-רי-פאי) ריהמען, לויבען, זינגען לויב-געזאנגען, בעדעקען מיט שבחים; הויבען אין הימעל אריין.

glo′rious *a.* (גלאו′-רי-אס) הערליך, בעריהמט, גלאררייך, פרעכטיג, ערהאבען, וואונדער-שעהן.

graph'ical stat'ics (גרעפ'-אי-קעל סטעט'-איקס) גראפישע סטאטיק [די מעטאדע צו אונטערזוכען די פעסטקייט פון א געביידע, א בריק א. ד. ג. דורך דיאגראמען וועלכע ווערען געצייכענט אין מאסשטאב נאך א געוויסער מעטאדע].

graph'ic arts (גרעפ'-איק ארטס) די גראפישע קינסטע [ווי צייכנען, גראווירען, מאלען].

graph'icly *adv.* (גרעפ'-איק-לי) ז. ***graphically***

graph'ics *n.* (גרעפ'-איקס) די צייכענקונסט, בעזאנדערס די טעכנישע צייכענקונסט.

graphiol'ogy *n.* (גרעפ-אי-אל'-א-דזשי) די קונסט פון שרייבען אדער צייכנען; אן אבהאנדלונג וועגען דיעזער קונסט.

graph'ite *n.* (גרעפ'-איט) גראפיט [דער שטאף פון וועלכען מען מאכט בליישטיפטען].

graphit'ic *a.* (גרע-פיט'-איק) וואס איז שייך צו גראפיט.

graph'olite *n.* (גרעפ'-א-לאיט) טאוועלשיפער, גריפעל=שטיין [שיפער=שטיין פון וועלכען מען מאכט שרייב=טאוולען אדער שרייב=גריפלען].

graphol'ogist *n.* (גרע-פאל'-א-דזשיסט) א קענער אין דער קונסט פון בעשטימען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיין האנדשריפט.

graphol'ogy *n.* (גרע-פאל'-א-דזשי) דאס בעשטימען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיין האנדשריפט.

graphom'eter *n.* (גרע-פאמ'-ע-טער) א ווינקעל=מעסטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען ווינקלען].

graph'ophone *n.* (גרעפ'-א-פאון) א גראפאפאן, א פאנאגראף [א פערבעסערטער עדיסאן פאנאגראף וואס זיין צילינדער ווערט געמאכט פון הארטען גומי אנשטאט וואקס].

graph'otone *n.* (גרעפ'-א-טאון) א בולט'ע פאטא=גראווירע [א גראווירע וועלכע ווערט געמאכט דורך פאטאגראפיע] אויף א צינק אדער קופער=פלאטע.

graph'otype *n.* (גרעפ'-א-טאיפ) א מיטעל צו מאכען שנעל גראווירונגען צום דרוקען [די צייכנונג ווערט געמאכט מיט א געוויסער זארט טינט אויף א פלאטע וואס איז בעדעקט מיט א קריידשיכט. ווען די טינט ווערט טרוקען, פוצט מען אב מיט א בערשטעל דאס ווייכע קרייד פון דער פלאטע און עס בלייבט א בולט'ע טינט=צייכנונג פון וועלכער מען מאכט א סטערעאטיפ].

grap'line *n.* (גרעפ'-לין) אן אנקער פון א שיף; א שיף=אנקער מיט זעקס האטשיקעס.

grap'nel *n.* (גרעפ'-נעל) אזא שיפס=אנקער מיט זעקס האטשיקעס; אזא אייזען מיט איין האטשיק אדער מיט צוויי וואס ווערט בענוצט עטוואס אנצוגרייפען אדער אנצוהאלטען; אזא אייזען וואס ווערט בענוצט צום צונויפטשעפען צוויי שיפען.

grap'ple *n. and v.* (גרעפל) אזא אייזערנער האטשיק מיט וועלכען מען טשעפעט צונויף צוויי שיפען אדער וועלכע עס איז צוויי געגענשטענדע; א גרויסע, שפיציגע צוואנג [ווי די וועלכע מען געברויכט צו שלעפען שטיקער אייז]; א האטשיק; אן ארומכאפען אדער אן ארומקלאמערען זיך, ווי ביים ראנגלען זיך; א געפעכט; א קאמפף; א ראנגלען זיך; א שטרייט; א געשלעג; פערטשעפען אדער צוטשעפען מיט א האטשיק; אנגרייפען, אנפאסען; פעסטהאלטען; בעפעסטיגען איינס צום אנדערען; ארומכאפען זיך, ארומקלאמערען זיך; ראנגלען זיך; שטרייטען; קעמפפען.

grap'ple-hook *n.* (גרעפ'ל-הוק) א האטשיק צום אנטשעפען אדער צוטשעפען.

grap'ples *n.* (גרעפלז) אזעלכע צוויי האטשיקעס וואס זיינען פערבונדען מיט א קורצער קייט און ווערען געברויכט צום שלעפען קלעצער.

grap'ple with (גרעפל הוויטה) 1. זיך ראנגלען; קעמפפען; 2. זיך ערנסט פערנעהמען מיט עפעס.

2. His mind is trained to **grapple with** great questions.

grap'pling *n.* (גרעפ'-לינג) דאס פערטשעפען אדער אנטשעפען; א האטשיק, א האקען, א קלאמער; א שיף=אנקער.

grap'pling-i'ron *n.* (גרעפ'-לינג-אי'-ערן) אזא שטאנג מיט האטשיקעס.

gra'py *a.* (גריי'-פי) וואס בעשטעהט פון וויינטרויבען; וואס איז עהנליך אדער וואס איז שייך צו וויינטרויבען.

grasp *v. and n.* (גרעספ) גרייפען; פאסען, אומפאסען; אנפאסען; א נעהם טהאן; בעגרייפען; דאס גרייפען, דאס אננעהמען מיט דער האנד; גוואלט; דאס בעגרייפען, די פעהיגקייט צו בעגרייפען.

gras'pable *a.* (גרעס'-פעבל) וואס קען אנגעגריפען אדער אנגעכאפט ווערען; וואס מען קען בענעהמען אדער בעגרייפען.

grasp at (גרעספ עט) אנכאפען; פרובירען אנכאפען.

A drowning man will **grasp at** a straw.

gras'per *n.* (גרעס'-פער) א כאפער; איינער אדער עטוואס וואס כאפט אדער גרייפט אן.

gras'ping *a.* (גרעס'-פינג) גיעריג, האבזיכטיג.

gras'pingly *adv.* (גרעס'-פינג-לי) אויף א גיעריגען אדער האבזיכטיגען אופן.

gras'pingness *n.* (גרעס'-פינג-נעס) גיעריגקייט, האבזיכטינקייט.

grasp'less *a.* (גרעספ'-לעס) וואס קען ניט אנגרייפען אדער אננעהמען; שוואך.

grass *n. and v.* (גרעס) גראז; שפארגעל [ז. ***asparagus***]; פריהלינג; צייטווייליגע בעשעפטיגונג אין א דרוקעריי; בעדעקען מיט גראז; פערוואקסען ווערען מיט גראז; ווארפען אויף'ן גראז; פערלירען אין גראז; פיטערען מיט גראז; טהאן צייטווייליגע ארבייט אין א דרוקעריי.

grass'-cloth *n.* (גרעס'-קלאטה) אזא דינער לייכטער ליינען=עהנליכער שטאף, וועלכער ווערט פאבריצירט אין כינא פון א געוויסען גראז פאר זומער קליידער.

grass'-cut'ter *n.* (גרעס'-קאט'-ער) א גראז=שניידער; א גראז=שנייד=מאשין.

grass'er *n.* (גרעס'-ער) א קאלב וואס ווערט געפיטערט אויף גראז.

grass'finch *n.* (גרעס'-פינטש) דער גראזפינק [אזא פויגעלע וואס שפייזט זיך מיט גראז אדער גראז=קערנער].

grass'-green *a. and n.* (גרעס'-גריען) גרין ווי גראז, גראז=פארביג; גראז=קאליר. ז. איל. ***"Colors"***

grass'-grown *a.* (גרעס'-גראון) בעוואקסען מיט גראז.

grass'hopper *n.* (גרעס'-האפ-ער) א פעלד אדער גראז=גריל, א גראז=היישעריק.

Grasshopper

grass'iness *n.* (גרעס'-אי-נעס) דאס זיין בעוואקסען מיט גראז.

grass'ing *n.* (גרעס'-אינג) דאס אויסשפרייטען לייווענד אויף די פעלדער צום בלייכען אדער ווייסען.

grass'-land *n.* (גרעס'-לענד) גראז=לאנד [פיטערניס=לאנד, לאנקעס].

grass'-lin'en *n.* (גרעס'-לינ'-ען) גראז=לייווענד [אזא דינער קליידער=שטאף וואס ווערט געמאכט פון א געוויסען גראז].

grass'-pink *n.* (גרעס'-פינק) אן ארכידעען=עהנליכער אמעריקאנער גראז.

grass'-plat *n.* (גרעס'-פלעט) א שטיקעל פלאץ בעוואקסען מיט גראז [הויפטזעכליך ווען עס איז ארומגערינגעלט מיט בלומען=בייטען].

grass'-plot *n.* (גרעס'-פלאט) ז. ***grass-plat***

GRASSES AND THEIR ALLIES



1 Common Millet. 2 Rice. 3. Sweet Vernal Grass. 4 Italian Millet. 5 Rye. 6 Darnel. 7 Maize. 8 Ban

גראָזען און גראָז־עהנליכע פּלאַנצען

) Sugar-cane. 10 Pampas Grass. 11 Cotton Grass. 12. Edible Cyperus or Rush-nut. 13 Papyrus. 14 Hairy Wood-rush.
15 Sea Grass or Grass-wrack.

grass'-pol'y *n.* (גרעס'-פאל'-אי) דאס בלוט=גראז [אזא פורפור=רויט גראז].

grass'quit *n.* (גרעס'-קהוויט) דער קארליק גראז=פינק [אזא קליין אמעריקאנער פויגעלע]. ז. ***grassfinch***

grass'-snake *n.* (גרעס'-סנייק) די גראז=שלאנג [א שלאנג פון גרינעם קאליר].

grass'-tree *n.* (גרעס'-טריע) דער גראז=בוים [אזא אויסטראלישע פלאנצע וועלכע האט לאנגע, דינע גראז=עהנליכע בלעטער].

Grass-tree

grass'-walk *n.* (גרעס'-וואהק) א גראז=שפאציער=וועג אין א גארטען.

Grass'-week *n.* (גרעס'-הוויעק) די בעט=וואך [אזוי הייסט ביי קריסטען די וואך צווישען דעם פינפטען און זעקסטען זונטאג נאך זייער פסח].

grass'-wid'ow *n.* (גרעס'-הוויד'-או) א שטרויענע אלמנה [א פרוי וועלכע איז צייטווייליג געשיעדען פון איהר מאן, ווי דורך פעררייזען א. ד. ג.]; אן עגונה; א גרושה.

grass'-wid'ower *n.* (גרעס'-הוויד'-א-ער) א שטרויענער אלמן [איינער וואס לעבט, צוליעב וועלכער עס איז אורזאכע, אבגעטיילט פון זיין פרוי].

grass'-wrack *n.* (גרעס'-רעק) דאס ים=גראז [אזא פלאנצע מיט לאנגע, גראז=עהנליכע בלעטער, וועלכע וואקסט מייסטענס ביים ברעג פון ים. ווערט געברויכט צום פאקען גלעזערנע און ליימענע כלים און אויף פאר מאטראצען]. ז. איל. ***"Grasses and their Allies"***

grass'y *a.* (גרעס'-אי) בעוואקסען מיט גראז; פול מיט גראז; עהנליך צו גראז, גרין ווי גראז.

grate *n. and v.* (גרייט) 1. א רעשאטקע, א גיטער, א גראטע; א פייער=ראסט [די רעשאטקע אין אן אויוען אויף וועלכער עס ליעגען די קויהלען]; מאכען א רעשאטקע אדער גראטע; פערמאכען מיט א גראטע; 2. רייבען, שאבען; סקריפען, קנאקען, טרעשטשען; קראצען; קריצען [ווי מיט די צייהנער]; פערשאפען שמערצען, וועה טהאן.

2. His broken English grates on my ears.

grate'ful *a.* (גרייט'-פול) דאנקבאר.

Grateful for the favors extended to me, I shall try to deserve your kindness.

grate'fully *adv.* (גרייט'-פול-אי) מיט דאנקבארקייט.

grate'fulness *n.* (גרייט'-פול-נעס) דאנקבארקייט.

gra'ter *n.* (גריי'-טער) א ריעב=אייזען, א טארקע; איינער וואס רייבט אדער שאבט; אין בוכבינדעריי — אזא אייזען אבצורייבען דעם רוקען פון א בוך נאכדעם ווי מען האט עס איינגענעהט און בעשמירט מיט קליי.

grate'-sur'face *n.* (גרייט'-סויר'-פייס) די פלעכע פון דעם פייער=ראסט [די רעשאטקע אויף וועלכער עס ליעגען די קויהלען] אין אן אויוען אדער פון א דאמפף=קעסעל.

grate the teeth (גרייט טהי טיעטה) קריצען מיט די צייהנער.

gratic'ulate *v.* (גרע-טיק'-יו-לייט) צוטיילען א צייכנונג אין לינירטע קוואדראט קעסטעלעך כדי צו מאכען פון איהר א קאפיע אין אן אנדער מאסשטאב.

graticula'tion *n.* (גרע-טיק-יו-ליי'-שאן) די צוטיילונג פון א צייכנונג אין לינירטע קוואדראט=קעסטעלעך כדי צו מאכען פון איהר א קאפיע אין א קלענערען אדער גרעסערען מאסשטאב.

grat'icule *n.* (גרעט'-אי-קיול) א צייכנונג, וועלכע איז צוטיילט אין לינירטע קוואדראט=קעסטעלעך, כדי צו מאכען פון איהר א קאפיע אין אן אנדער מאסשטאב.

gratifica'tion *n.* (גרעט-אי-פי-קיי'-שאן) א גראטיפיקאציאן, א פרייוויליגע בעלוינונג פאר עטוואס; א מתנה פאר גוטער, איבערגעבענער דיענסט; א בעפריעדיגונג; דאס בעפריעדיגען.

grat'ifier *n.* (גרעט'-אי-פאי-ער) איינער אדער עטוואס וואס בעפריעדיגט; איינער וואס בעלוינט.

grat'ify *v.* (גרעט'-אי-פאי) בעפריעדיגען; פערשאפען פערגניגען, מאכען אנגענעהם; בעלוינען, פערגיטיגען, בעשענקען.

grat'ifyingly *adv.* (גרעט'-אי-פאי-אינגג-לי) בעפריעדיגענדיג; בעלוינענדיג; מאכענדיג אנגענעהם; פערשאפענדיג פערגניגען.

gra'ting *n. and a.* (גריי'-טינג) א גראטע, א גיטער, א רעשאטקע; א האלץ=ראהם פון קלעצער אויסגעמאכט ווי א רעשאטקע צום אונטערלעגען אונטער א שווערער געביידע, ווען זי ווערט געבויט אויף א ווייכען גרונד; דאס אבטיילען די גרויסע שטיקער ערץ [רויה מעטאל] פון די קליינע; דאס רייבען, דאס קראצען, דאס שאבען; דאס קריצען אדער סקריפען; דאס ווידריגע געפיהל וואס מען האט ווען מען הערט א קריץ אדער סקריפ; סקריפעדיג, קריצעדיג; ווידריג [ווי פון א סקריפ אדער קריץ].

gra'tingly *adv.* (גריי'-טינג-לי) קריצענדיג, סקריפענדיג; ווירדיג [ווי פון א קריץ אדער סקריפ].

gra'tis *adv.* (גריי'-טיס) גראטיס, אומזיסט, אהן געצאהלט, פריי.

grat'itude *n.* (גרעט'-אי-טיוד) דאנקבארקייט.

gratu'itous *a.* (גריי-טיו'-אי-טאס) וואס קאסט גאר ניט, וואס מען בעקומט אומזיסט; וואס איז ניט נויטיג, וואס ווערט ניט פערלאנגט; אהן אן אורזאך.

gratu'itously *adv.* (גריי-טיו'-אי-טאס-לי) אומזיסט, פריי, אהן געצאהלט; אהן אן אורזאכע, אהן א גרונד.

gratu'itousness *n.* (גריי-טיו'-אי-טאס-נעס) אונענטגעלטליכקייט, דאס זיין אומזיסט, דאס זיין פריי אהן געצאהלט; גרונדלאזיגקייט.

gratu'ity *n.* (גריי-טיו'-אי-טי) א פרייוויליגער געשענק; עטוואס וואס ווערט געגעבען אומזיסט; א מתנה; א נדבה.

grat'ulate *v.* (גרעט'-יו-לייט) ז. ***congratulate***

gratula'tion *n.* (גרעט-יו-ליי'-שאן) בעגריסונג, גליק=ווינשונג; צופרידענהייט.

grat'ulatory *a.* (גרעט'-יו-ליי-טא-רי) ז. ***congratulatory***

grau'wacke *n.* (גראה'-הוועק-ע) ז. ***graywacke***

grava'men *n.* (גרע-וויי'-מען) דער וויכטיגסטער פונקט פון אן אנקלאגע; א גרונד פאר אן אנקלאגע.

grave *v., a. and n.* (גרייוו) גראווירען, אויסשניצען; איינקריצען; אבריייניגען דעם דעק פון א שיף פון ים=גראז, מושלען א. ד. ג.; ערנסט, וויכטיג; איינפאך, פשוט; אין מוזיק — לאנגזאם, רוהיג, נידריג, טיעף; א קבר; א גראף; אן אקסאן=גראוו [דער צייכען (\`) וואס ווערט געשטעלט אויף געוויסע בוכשטאבען אין פראנצויזיש].

grave ac'cent (גרייוו עק'-סענט) אן אקסאן=גראוו [דער צייכען (\`) וואס ווערט געשטעלט אויף געוויסע בוכשטאבען אין פראנצויזיש].

grave'-clothes *n.* (גרייוו'-קלאוטהז) טויטען=קליידער, תכריכים.

grave'-dig'ger *n.* (גרייוו'-דיג'-ער) א טויטען=גרעבער, א קברות=מאן; אזא קעפער [זשוק, באבעלקע] וואס פערגראבט טויטע אינזעקטען; אזא פליעג וואס פערגראבט איהרע אייער.

grave in the mem'ory (גרייוו אין טהי מעמ'-א-רי) איינקריצען אין זכרון.

grave key (גרייוו קיע) דער באס=שליסעל [א צייכען אין מוזיק וואס צייגט, אז עס דארפען גענומען ווערען טיעפע נידריגע טענער].

grav'el *n. and v.* (גרעוו'-על) זאמד=שטיינדלעך, גרוז; גראבער זאמד; אורין=בלאז שטיינדלעך [אזא קראנקהייט ביי וועלכער עס בילדען זיך אויס אזעלכע קליינע שטיינדלעך אין די ניערען און קומען אריין אין דעם אורין=בלאז]; בעשיטען מיט זאמד=שטיינדלעך; ברייגנען אין פערלעגענהייט; צודריקען צו דער וואנד; פערטומלען דורך אן איבערראשונג; צוקאליעטשען די פיס דורך א זאמד=שטיינדעל.

grave'less *a.* (גרייוו'-לעס) אהן א קבר; ניט בעערדיגט.

grav'eliness *n.* (גרעוו'-על-אי-נעס) ז. ***gravelliness***

grav'elliness *n.* (גרעוו'-על-אי-נעס) דאס זיין פול מיט זאמד=שטיינדלעך.

grav'elly *a.* (גרעוו'-על-אי) זאמד=שטייניג; זאמדיג.

grav'el-pit *n.* (גרעוו'-על-פיט) א זאמד=גרוב.

grav'ely *a.* (גרעוו'-על-אי) ז. ***gravelly***

grave'ly *adv.* (גרייוו'-לי) אויף אן ערנסטען אופן.

gravemen'te *adv.* (גרא-וויי-מענ'-טע) אין מוזיק — מיט א געדריקטען טאן, ערנסט, שטיל.

gra'ven (גריי'-וון) גראווירט, אויסגעשניצט. ז. ***grave***

grave'ness *n.* (גרייוו'-נעס) ערנסט, ערנסטהאפטיגקייט; וויכטיגקייט.

gra'ven im'age (גריי'-וון אימ'-עדזש) א געשניצט געצענבילד.

grav'eolent *a.* (גרעוו'-אי-או-לענט) וואס האט א שטארקען אונאנגענעהמען ריח.

gra'ver *n.* (גריי'-ווער) א גראווירער, א שניצער; א גראוויר=נאדעל [א געצייג צום גראווירען].

graves *n.* (גרייווז) גריבענעס, גריבען.

grave'stone *n.* (גרייוו'-סטאון) א מצבה אויף א קבר.

grave'yard *n.* (גרייוו'-יארד) א בית־עולם, א בית־הקברות.

grave'yard insur'ance (גרייוו'-יארד אינ-שוהר'-ענס) א מעטאָדע צו בעשווינדלען א פערזיכערונגס־געזעלשאַפט דערמיט, וואס מען פערזיכערט אַן אַלטען אדער קראַנקען מאַן, ארויסשטעלענדיג איהם פאר א יונגען און געזונטען.

grav'id *a.* (גרעוו'-איד) טראָגעדיג, שוואַנגער.

grav'igrade *a. and n.* (גרעוו'-אי-גרייד) וואס געהט מיט שווערע טריט; א חיה וואס געהט שווער.

gravim'eter *n.* (גרע-ווימ'-ע-טער) אַן אינסטרומענט צו מעסטען די ספּעציפישע געדיכטקייט אדער שווערקייט פון שטאָפען [בעזאָנדערס פון פליסיגקייטען].

gra'ving *n.* (גריי'-ווינג) דאס גראַווירען; אַן איינדרוק; דאס רייניגען דעם דעק פון א שיף.

gra'ving-dock *n.* (גריי'-ווינג-דאק) א טרוקען־דאָק [א גראָבען מיט וואַסער־טויערען ביי א האַפען וואו שיפען ווערען געבויט אדער ווערען אויסגעלאָדען און אָנגעלאָדען].

grav'itate *v.* (גרעוו'-אי-טייט) גראַוויטירען, זיך ציהען צו א געוויסען פונקט; זיין אונטערוואָרפען דער גראַוויטאַציאָנס־קראַפט, זיין געניינט צו פאַלען נאָך אונטען [ווי א שטיין וואס פאַלט פון א באַרג].

gravita'tion *n.* (גרעוו-אי-טיי'-שאַן) גראַוויטאַציאָן, די ציהונגס־קראַפט צווישען קערפּער; די ציהונגס־קראַפט פון די פּלאַנעטען; די שווערקראַפט, די קראַפט פון שווערקייט וואס ציהט אלעס אַרונטער צום מיטעל־פונקט פון דער ערד; א נייגונג, א שטרעבונג אין א געוויסער ריכטונג.

gravita'tional *a.* (גרעוו-אי-טיי'-שאַנ-על) וואס איז שייך צו גראַוויטאַציאָן. ז. *gravitation*

gravita'tionally *adv.* (גרעוו-אי-טיי'-שאַנ-על-אי) דורך גראַוויטאַציאָן. ז. *gravitation*

grav'ity *n.* (גרעוו'-אי-טי) שווערקראַפט, געוויכט, שווערקייט, ציהונגס־קראַפט; ערנסטהאַפטיגקייט, ערנסט; וויכטיגקייט, ווירדיגקייט; טיעפקייט, נידריגקייט [וועגען טענער].

gra'vy *n.* (גריי'-ווי) פלייש־זאַפט, בראַטען־זופ.

gra'vy-boat *n.* (גריי'-ווי-באוט) א בראַטען־זופ שיסעלע.

gray *a., n. and v.* (גריי) גרוי, מיט א גרויען קאָליר; מיט גרויע האָר; אַלט; בעיאָהרענט; ערפאָהרען, געניט; די גרויע פאַרב; א גרויע חיה, א גרויער דאַקס, א גרוי פערד; דעמערונג [דאס גרויען אויף מאָרגען] בין השמשות, די צווישען־צייט צווישען טאָג און נאַכט; מאַכען גרוי, פערוואַנדלען אין א גרויען קאָליר; מאַכען מאַט [ווי גלאָז].

gray'-bear *n.* (גריי'-בעהר) אַזאַ שפּין מיט לאַנגע פיס. ז. *harvestman*

gray'beard *n. and a.* (גריי'-ביערד) א גרויע באָרד, א זקן; א מין אַלטפרענקישער גראַפין מיט א פיגור פון א מענשען מיט א לאַנגער באָרד; א מין פאַליפּ אויף אויסטריצעס; מיט א גרויער באָרד, אַלט.

gray'coat *n.* (גריי'-קאוט) איינער וועלכער טראָגט א גרויען מונדיר; אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא — א סאָלדאַט פון דער קאָנפעדעראַטען־אַרמעע [פון די שקלאַפען־האַלטערישע זיד־שטאַאַטען] אין דער צייט פון בירגער־קריעג.

gray'-coat'ed *a.* (גריי'-קאוט'-עד) מיט א גרויען ראָק.

gray'-eyed *a.* (גריי'-איד) מיט גרויע אויגען.

gray'-fly *n.* (גריי'-פלאַי) די שאָף־פליעג [א באָבעלקע].

gray'-fri'ar *n.* (גריי'-פראַי'-ער) א מאָנאַך פון דעם פראַנציסקאַנער אָרדען.

gray'head *n.* (גריי'-העד) אַן אַלטער מאַן אדער פרוי מיט א גרויען קאָפּ; אַן אַלטער וואַל־פיש [א זכר].

gray'hound *n.* (גריי'-האונד) ז. *greyhound*

gray'ish *a.* (גריי'-איש) גרויליך, עטוואס גרוי.

gray'lag *n.* (גריי'-לעג) די ווילדע גאַנז.

Graylag

gray'ling *n.* (גריי'-לינג) דער אומבער־פיש אדער כאַריאוס [א מין פיש מיט זעהר גרויסע פלוס־פעדערען].



Grayling

gray'mill *n.* (גריי'-מיל) דער שטיין־זאָמען [א מין פלאַנצע מיט זעהר האַרטע קליינע פרוכטען].

gray'-mil'let *n.* (גריי'-מיל'-עט) ז. *graymill*

gray'ness *n.* (גריי'-נעס) גרויקייט.

graywack'e *n.* (גריי-הוועק'-ע) אין געאָלאָגיע — גרויע וואַקקאַ [א זאַמד־שטיין פון געלבען קאָליר וואס שפּאַלט זיך ווי שיפער־שטיין].

graze *v. and n.* (גרייז) עסען גראָז; אָבפרעסען; פּאַשען, פיטערען; זיך פּאַשען, זיך פיטערען; לייכט בעריהרען אדער א גלעט טהאָן פאַרבייגעהענדיג; אָברייבען, אָבקראַצען די הויט פון עפּעס; דאס פיטערען, דאס פּאַשען; דאס בעריהרען, דאס אָברייבען.

gra'zer *n.* (גריי'-זער) א טהיער וואס פיטערט זיך אויף גראָז.

gra'zier *n.* (גריי'-זשער) א פיה־פיטערער, איינער וואס האָדעוועט פיה צום פערקויפען.

gra'zing-ground *n.* (גריי'-זינג-גראונד) פּאַשע; לאַנד צו פיטערען בהמות.

grease *n. and v.* (גריעס) פעטס, שמאַלץ [הויפּטזעכליך פון לאַנד־טהיערע]; שמירען; מאַוקע [אַזאַ קראַנקהייט אויף א פערדס פוס, ביי וועלכער די פעל ווערט צושפּאָלטען און עס רינט אייטער]; שמירען [מיט פעטס]; מאַכען עטוואָס זאָל זיך לייכט בעוועגען [פאָהרען ווי געשמירט]; אָנשטעקען א פערד מיט מאַוקע; אונטערשמירען [אונטערקויפען, געבען כאַבאַר].

grease'-paint *n.* (גריעס'-פיינט) גרימיר־פאַרב [וואס אַקטיאָרען געברויכען].

grea'ser *n.* (גריע'-סער) אַן אוילער [איינער וואס איז בעשעפטיגט ביים אויילען מאַשינען]; א הילפס־מאַשיניסט; אין די וועסט־טיילען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא — אַן ערד־גרעבער וואס פער'שכור'ט זיינע פערדיענסטען, אַן ערד־גרעבער א בראָדיאַגע.

Grea'ser *n.* (גריע'-סער) א מעקסיקאַנער, א שפּאַניש־אַמעריקאַנער.

grease the palm of (גריעס טהי פּאַהם אָוו) אונטערקויפען; געבען כאַבאַר.

grease the wheels (גריעס טהי הוויעלז) שמירען די רעדער; אויסצאָהלען א חוב אין קליינע ראַטען.

grea'sily *adv.* (גריע'-סי-לי) פעט, אויליג, געשמירט; אונאַנשטענדיג, גראָב.

grea'siness *n.* (גריע'-סי-נעס) פעטקייט, אויליגקייט; דאס זיין געשמירט [מיט אויל אדער פעטס].

grea'sy *a.* (גריע'-סי) פעט; אויליג, שמיעריג; געשמירט [מיט אויל אדער פעטס]; גליטשיג; ערפאַלגרייך אין וואַלפיש־פאַנג [אָנגעלאָדען מיט וואַלפיש־אויל]; אָנגעשטעקט מיט מאַוקע [אַזאַ פוס־קראַנקהייט ביי פערד]. ז. *grease*

great *a.* (גרייט) גרויס; גרויסאַרטיג; וויכטיג; וואס איז אם גרעסטען אדער וויכטיגסטען; ערהאָבען, דערהויבען, פראָמינענט, בעריהמט; פול; שוואַנגער; שווער; ערנסט, איבערגעגעבען; אין חן; וואס געדויערט לאַנג.

great age (גרייט איידזש) 1. הויכע אַלטער; 2. א וויכטיגע, גרויסע עפּאָכע [אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט אדער פון א לאַנד].

2. We are living in a great age.

great ant'-ea'ter (גרייט ענט'-איע'-טער) דער גרויסער מוראַשקעס־פרעסער [אַזאַ חיה אין די הייסע טיילען פון אַמעריקא וואס פרעסט מוראַשקעס].



Great Ant-eater

great'-aunt *n.* (גרייט'-ענט) אַן עלטער־מוהמע.

Great Bear (גרייט בער) אין אַסטראָנאָמיע — דער גרויסער בער [אַזאַ שטערן־גרופּע].

great'-bel'lied *a.* (גרייט'-בעל'-איעד) שוואַנגער.

great'-born *n.* (גרייט'-באָרן) א בעל־יתום.

Great Brit'ain (גרייט בריט'-איין) גרויס-בריטאניען [ענגלאנד, שאטלאנד און וועלס].

great cat's head pear (גרייט קעטס העד פעהר) אזא מין באר [בארנע] וואס וואקסט אין אמעריקא.
ז. איל. ***"Cultivated Fruits"***

great'coat *n.* (גרייט'-קאוט) אן אויבערמאנטעל, א פאלטא.

great cry and lit'tle wool (גרייט קראי ענד ליטל הוואול) א גרויסער וואלקען און א קליינער רעגען.

great deal (גרייט דיעל) א היבש ביסעל, א סך; א גרויסע אונטערנעהמונג, א גרויס געשעפט.

great doom (גרייט דוהם) דער גרויסער יום הדין, דאס וועלט-געריכט.

grea'ten *v.* (גרייטן) פערגרעסערען; פערגרעסערט ווערען.

grea'ter yel'lowlegs snipe (גריי'-טער יעל'-או-לעגז סנאיפ) דער געל-פיסיגער בעקאס [אזא פויגעל].
ז. איל. ***"Game Birds"***

great expecta'tions (גרייט עקס-פעק-טיי'-שאנז) גלענצענדע אויסזיכטען.

great'-eyed *a.* (גרייט'-איד) וואס האט גרויסע אדער ארויסגעשטארצטע אויגען, וואס זעהט אין דער פינסטער.

great'-frui'ted *a.* (גרייט'-פרוה'-טעד) וואס בריינגט ארוים גרויסע פרוכט.

great go (גרייט גאו) די עקזאמענס אויף געלעהרטע טיטולען אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט [ענגלאנד].

great'-grand'daughter *n.* (גרייט'-גרענד'-דאה-טער) אן אור-אייניקעל [ווייבליך].

great'-grand'father *n.* (גרייט'-גרענד'-פא-טהער) אן עלטער-זיידע.

great'-grand'mother *n.* (גרייט'-גרענד'-מאטה-ער) אן עלטער-באבע.

great'-grand'son *n.* (גרייט'-גרענד'-סאן) אן אור-אייניקעל [מענליך].

great gross (גרייט גראוס) 12 גראס [144 טוצען].

great gun (גרייט גאן) א קאנאנע; א גרויסע חיה; א גרויסער "קנאקער", א גרויסער מאכער.

great guns (גרייט גאנז) א שטורם; קאנאנען; גרויסע מאכערס; גרויסע חיות.
ז. ***great gun***

great'-hear'ted *a.* (גרייט'-האר'-טעד) עדעל, מוטיג, גרויסמוטיג, הויכמוטיג.

great'-horse *n.* (גרייט'-האהרס) א געלערענט פערד.

great hun'dred (גרייט האנ'-דרעד) צעהן טוצען [120].

Great Lakes (גרייט לייקס) די פינף אזיערעס אין נארד-אמעריקא: סופיריאר [העכערער], מישיגאן, הוראן, איריע און אנטאריא.

great lar'ceny (גרייט לאר'-סענ-אי) ז. ***grand larceny***

great looks (גרייט לוקס) שטאלצע בליקען, א שטאלצע האלטונג, א שטאלץ אויסזעהן.

great'ly *adv.* (גרייט'-לי) אין א הויכער שטופע, אין א הויכען גראד, בעדייטענד; אויף א גרויסען אדער גרויסארטיגען שטייגער; אויף א גרויסמוטיגען אדער הויכמוטיגען שטייגער.

great man'y (גרייט מענ'-אי) מעהרערע, פיעלע, א סך, א היבש ביסעל.
There are a great many people in the hall.

great mas'ter (גרייט מעס'-טער) ז. ***grand master***

great mil'let (גרייט מיל'-עט) א מין הירזש.

great'-min'ded *a.* (גרייט'-מאינ'-דעד) הויכמוטיג, עדעל, גוטהערציג.

great'-min'dedness *n.* (גרייט'-מאינ'-דעד-נעס) הויכמוט, עדעלקייט, גוטהערציגקייט.

Great Mogul' (גרייט מא-גאל') דער גרויסער מאגאל [דער אמאליגער הערשער פון דעלהי, אין הינדאסטאן, וועלכע בעלאנגט איצט צו ענגלאנד]; א יחסן, א גאנצער "יא-טעבע-דאם".

great'ness *n.* (גרייט'-נעס) גרויס; גרויסקייט, וויכטיגקייט; שטארקייט, מעכטיגקייט; ערהאבענהייט, הויכער שטאנד; צאהלרייכקייט, פיעלקייט.

great news (גרייט ניוז) וויכטיגע נייעס, גוטע נייעס.

great pow'ers (גרייט פאו'-ערז) 1. גרויסע פעהיגקייטען, פיעל קרעפטען; 2. גרויסמעכטע [די לענדער וואס שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין דער וועלט-פאליטיק].
2. England is a leader among the great powers of Europe.

greats *n.* (גרייטס) ז. ***great go***

great sea (גרייט סיע) הויכער וואסערשטאנד אין ים; דער אפענער ים [פון וואנען מען זעהט שוין ניט קיין ברעג]; דער מיטעללענדישער ים; דער שווארצער ים.

great seal (גרייט סיעל) דער גרויסער זיעגעל, דער שטאאטס-זיעגעל [דער גרויסער זיעגעל מיט וועלכען מען שטעמפעלט די אפיציעלע רעגיערונגס-דאקומענטען].

great shots (גרייט שאטס) קאנאנען-קוגלען; ארטילעריע-פייער.

great'-souled *a.* (גרייט'-סאולד) הויכמוטיג, גוטהערציג, עדעל.

great spout (גרייט ספאוט) לוסטיגקייט; אויסגעלאסענהייט.

great tithes (גרייט טאיטהז) מעשר.

great toe (גרייט טאו) דער גראבער פוס-פינגער.

great tri'al (גרייט טראי'-על) א שווערע צייט; צרות.

great trust (גרייט טראסט) צופערלעסיגקייט; פערטרויאונג.

great'-un'cle *n.* (גרייט'-אנקל) אן עלטער-פעטער.

great way (גרייט הוויי) א ווייטע שטרעקע; ווייט.

great while (גרייט הוואיל) זעהר לאנג [אין צייט].
They do not expect to stay here a great while.

great with child (גרייט הוויטה טשאילד) שוואנגער; אין די הויכע מאנאטען [וועגען א שוואנגערער פרוי].

great with tears (גרייט הוויטה טיערז) מיט טרערען אין די אויגען.

great with young (גרייט הוויטה יאנג) טראגענדיג [וועגען חיות].

greaves *n.* (גריעווז) א פוס-פאנצער [א מין מעטאלענע כאלעווע, וועלכע די מיטעלאלטערליכע ריטער פלעגען אנטהאן אויף'ן שין-ביין]; דער אבזאץ פון געפרעגעלטע פעטקייט אדער שמאלץ; גריבענעס, גריבען.

grebe *n.* (גריעב) די גרעבע אדער גאנגארע [א שווים-פויגעל מיט א גלייכען, שארפען שנאבעל און מיט שוואכע, וועניג ענטוויקעלטע פליגלען. האלט זיך אויף ביי די ברעגעס פון ים].

Grebe

Gre'cian *n. and a.* (גרי'-שען) א גרעק, א גריך; איינער וואס קען די גריכישע שפראך; א פראנט; גרעקיש, גריכיש; וואס איז שייך צו גריכענלאנד.

Gre'cism *n.* (גרי'-סיזם) גריכישע ארט אויסדריקע.

Gre'co-Lat'in *a.* (גרי'-קאו-לעט'-אין) ז. ***Greco-Roman***

Gre'co-Ro'man *a.* (גרי'-קאו-ראו'-מען) גריכיש-רוימיש; וואס איז שייך צו דער גריכיש-רוימישער קולטור, ליטעראטור א. ד. ג.

greed *n.* (גריעד) א שטארקער בעגעהר נאך עפעס, בעזאנדערס נאך געלד; א שטארקע לוסט, א נידריגע תאוה.

gree'dily *adv.* (גריע'-די-לי) מיט א שטארקען אפעטיט; גיעריג, זשעדנע.

gree'diness *n.* (גריע'-די-נעס) זשעדנעקייט, גיעריגקייט, האבזיכטיגקייט.

gree'dy *a.* (גריע'-די) זשעדנע, גיעריג, האבזיכטיג.

gree'-gree *n.* (גרי'-גרי) ז. ***gri-gri***

Greek *n. and a.* (גריעק) א גרעק, א גריך; די גריכישע שפראך; אן אונפערשטענדליכע שפראך, "טערקיש", "תרגום-לשון"; א חברה-מאן, אן אוואנטוריסט; א מין שמעטערלינג אדער באבעלע; וואס איז שייך צו גריכענלאנד אדער צו די גריכען; גריכיש.

Greek Church (גריעק טשוירטש) די גריכישע אדער פראוואסלאוונע קירך.

Greek cross (גריעק קראס) א גריכישער צלם [א צלם, וואו ביידע שטעקלעך אדער שטענגלעך, וועלכע בילדען איהם אויס, זיינען פון איין לענג און שניידען דורך איינער דעם אנדערען אין סאמע מיטען].

Greek fire (גריעק פאיר) גריכישער פייער [א מין ברען-שטאף וואס ברענט אין וואסער. די אלטע גריכען האבען ערפונדען דיעזען שטאף און פלעגען איהם געברויכען אין צייט פון מלחמה אונטערצוצינדען דעם שונא'ס שיפען].

green *a., n. and v.* (גריען) גרין, פון א גרינעם קאליר; אונצייטיג, פריש; וועניג ענטוויקעלט; אונערפאהרען; ניי; יונג; בליהענד, פול מיט לעבען; בלאס, שוואך, קרענקליך; א גרינער קאליר; א פלאץ בעוואקסען מיט גרינעם גראז; בעדעקען מיט גרינס; בעוואקסען ווערען מיט גרינעם גראז.

green as duck'weed (גריען עז דאק'-הוויעד) יונג און אונערפאהרען.

green'back *n.* (גריענ'-בעק) געוויסע אמעריקאנער פאפיער-געלד וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין צייט פון בירגערקריעג [רופט זיך אזוי, ווייל די צווייטע

זייט פון דיזען פאפיער-געלד איז געדרוקט מיט גרינער פארב]; א ווערטהפאפיער אדער געלד-נאטע וואס א נאציאנאלע באנק פון די פעראייניגטע שטאאטען לאזט ארויס; דער אמעריקאנער רעגענפייפער [אזא פויגעל. ז. *golden plover*]; דער פליג-פויגעל [קאליברי]; א פראש, א זשאבע.

Green'backer *n.* (גריענ'-בעק-ער) א מיטגליעד פון א געוויסער פאליטישער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ז. *Greenback party*

Green'back par'ty (גריענ'-בעק פאר'-טי) א פאליטישע פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס איז ענטשטאנען אין יאהר 1874 און האט געפאדערט, ערשטענס, אז בלויז די פעדעראלע רעגיערונג זאל ארויסגעבען געלדפאפיער און צווייטענס, אז דאס אנגענומענע געלד זאל זיין פאפיער-געלד. ז. *greenback*

green'bone *n.* (גריענ'-באון) דער הארנהעכט [א מין פיש].

green'-broom *n.* (גריענ'-ברוהם) א מין פלאנצע וועלכע ווערט בענוצט אין מאכען גרינע פארבען.

green'-cloth *n.* (גריענ'-קלאטה) די קאנטאר פון קעניגליכען הויף אין ענגלאנד; דאס פריוואט-צימער אין א געשעפט-הויז.

green cloth (גריען קלאהטה) א קארטענטיש, א טיש אויף וועלכען מען שפיעלט אין אזארטנע שפיעלען.

green'-col'ored *a.* (גריענ'-קאל'-ארד) בלאס, בלייך, מיט א קרענקליכען אויסזעהן.

gree'ner *n.* (גריע'-נער) א גרינער, אן אונערפאהרענער מענש; א מענש וועלכער קען ניט די מלאכה און פערנעהמט די שטעלע פון איינעם, וועלכער סטרייקט; איינער וועלכער נעהמט זיך פאר אן ארבייט וואס ער קען ניט, כדי זי צו ערלערנען.

gree'nery *n.* (גריע'-נע-רי) גרינס, א פלאץ בעוואקסען מיט גרינעם גראז אדער בוימער.

gree'ney *a.* and *n.* (גריע'-ניע) דער גרינפינק. ז. *greenfinch*

green'-eyed *a.* (גריענ'-איד) מיט גרינע אויגען; וואס קוקט אויף עפעס מיט קנאה אדער אייפערזוכט.

green'finch *n.* (גריענ'-פינטש) דער גרינפינק [א מין אייראפעאישער זינג-פויגעל מיט א דיקען שנאבעל און קורצען עק].

green fish (גריען פיש) פרישע אדער ניט געזאלצענע פיש, וועלכע מען זאלצט און מען טריקענט איידער מען פערקויפט זיי; א פיש, וועלכער איז געזאלצען אבער נאך ניט אויסגעטריקענט.

green goods (גריען גודז) פאלשע אסיגנאציעס, ווערטהלאזע אדער פאלשע ווערטהפאפיערען.

green'-goose *n.* (גריענ'-גוהס) א יונג גענזעלע.

green grease (גריען גריעס) דאס דיקע אויל וואס שטעלט זיך אב ביים דיסטילירען קויהלען-טער.

green'gro'cer *n.* (גריענ'-גראו'-סער) איינער וואס פערקויפט גרינסען [גארטען-פרוכטען, ווי ציבעלעס, אוגערקעס א. ד. ג.].

green'head *n.* (גריענ'-העד) דער אמעריקאנער פליעג-פויגעל אדער קאליברי.

green'heart *n.* (גריענ'-הארט) דער גרינהאלץ-בוים [האט א זעהר הארט האלץ וואס ווערט געברויכט אין בויען שיפען].

green'horn *n.* (גריענ'-האהרן) א "גרינהארן", א גרינער, א ניי-אנגעקומענער אין א לאנד, אן אונערפאהרענער מענש, א מענש וואס איז אונבעקאנט מיט דער וועלט אדער מיט'ן לעבען און אויפפיהרונגען פון לאנד.

green'house *n.* (גריענ'-האוס) אן אראנזשערעע [א געביידע מיט א גלעזערנעם דאך, וואו עס וואקסען פלאנצען, וועלכע קענען ניט אריבערטראגען דעם געוועהנליכען קלימאט פון לאנד].

green in earth (גריען אין אוירטה) פריש אין קבר.

gree'ning *n.* (גריע'-נינג) דאס גרינען; אן עפעל מיט א גרינער שאלעכץ [ווען דער עפעל איז שוין רייף].

green in remem'brance (גריען אין רי-מעמ'-ברענס) פריש אין זכרון.

gree'nish *a.* (גריע'-ניש) גרינליך, עטוואס גרין.

Green'landman *n.* (גריענ'-לענד-מען) א שיף וואס געהט כאפען וואלפיש נעבען די ברעגעס פון גרענלאנד.

green'land-oil *n.* (גריענ'-לענד-איל) פיש-טראן.

green'-la'ver *n.* (גריענ'-ליי'-ווער) א מין ים-גראז וואס ווערט געברויכט צום עסען.

green'ly *adv.* (גריענ'-לי) מיט א גרינעם קאליר; אויף א נייעם אדער פרישען שטייגער; מעשה "גרינער", אונערפאהרענהייד.

green'ness *n.* (גריענ'-נעס) גרינקייט; אונצייטיגקייט; פרישקייט; אונערפאהרענהייט.

green'room *n.* (גריענ'-רוהם) א צימער נעבען סצענע אין טעאטער, וואו די אקטיארען רוהען זיך אב אין צווישען-צייט פון זייער אויפטריט; א צימער אין א מאנופאקטור-מאגאזין, וואו מען לעגט אב פרישע אדער נייע צייג, וועלכע האט זיך ערשט בעקומען פון פאבריק; א זאאל אין אוניווערזיטעט, וואו מען גיט אב עקזאמענס.

greens *n.* (גריענז) גרינס, גרינווארג, גארטען-פרוכטען [ווי ציבעלעס, אוגערקעס א. ד. ג.]; די גרינע בלעטער אויף די בוימער; אין צוקער-פאבריקאציאן — דער סיראפ וואס רינט אראב פון שטיקער אדער היטלען צוקער.

green'sand *n.* (גריענ'-סענד) אזא זאמד-שטיין וואס ענטהאלט אין זיך קערנדלעך פון גלאקאניט [אזא מינעראל], וועלכע גיבען איהם צו א גרינליכען קאליר.

green'shank *n.* (גריענ'-שענק) דער גרינפוס, אזא פויגעל מיט א לאנגען עטוואס אויסגעבויגענעם שנאבעל און לאנגע גרינליכע פיס.

green'sick *a.* (גריענ'-סיק) וואס ליידעט פון בלייכזוכט [א קראנקהייט וואס קומט פון בלוט-ארעמקייט].

green'sickness *n.* (גריענ'-סיק-נעס) בלייכזוכט. ז. *chlorosis*

green'-stall *n.* (גריענ'-סטאהל) א לאדען אדער באנק אויף וועלכע מען לעגט אויס גרינס צום פערקויפען.

green'stone *n.* (גריענ'-סטאון) דער גרינשטיין [א מין מינעראל]; א מין זעהר הארטער שטיין וואס ווערט בענוצט צו שארפען כירורגישע מעסערס און אנדערע אינסטרומענטען.

green'sward *n.* (גריענ'-סהוואהרד) א פייכטער ארט בעוואקסען מיט גראז.

green ta'ble (גריען טייבל) ז. *green cloth*

green vit'riol (גריען וויט'-רי-אל) גרינער וויטריאל. ז. *copperas*

green'wax *n.* (גריענ'-הוועקס) גרינער טריפוואקס אדער זיגעל-לאק; די אמאליגע ענגלישע אפיציעלע פאפיערען, וועלכע האבען געהאט א זיגעל מיט גרינעם טריפוואקס.

green'weed *n.* (גריענ'-הוויעד) ז. *green-broom*

green'-winged teal (גריענ'-הווינגד טיעל) א מין ווילד ענטעל [קאטשקע]. ז. איל. *"Game Birds"*

green'wood *n.* (גריענ'-הוואוד) האלץ פון א וואלד ווען די בוימער זיינען גרין [ווי אין זומער]; האלץ וואס האט בעקומען א גרינליכען קאליר דורך א געוויסען ארט פוילען.

gree'ny *a.* and *n.* (גריע'-ני) גרינליך, מיט א גרינליכען קאליר; א גרינער, אן אונערפאהרענער מענש, א תם; א סטודענט פון ערשטען קורס אין אוניווערזיטעט; דער גרינפינק [ז. *greenfinch*].

greet *v.* (גריעט) גריסען; בעגריסען.

gree'ter *n.* (גריע'-טער) א גריסער, א בעגריסער.

gree'ting *n.* (גריע'-טינג) א גרוס; א בעגריסונג.

gre'gal *a.* (גרי'-געל) וואס איז שייך צו א סטאדע [טשערעדע].

grega'rianism *n.* (גרי-גיי'-רי-ען-איזם) סטאדען-אינסטינקט; די נייגונג צו לעבען גרופענווייז אדער אין סטאדעס; געזעלשאפטליכקייט, געזעלינקייט.

grega'rious *a.* (גרי-גיי'-רי-אס) וואס האט א סטאדען-אינסטינקט; וואס האט א ניינונג זיך צו פעראייניגען אין גרופען אדער סטאדעס; געזעלשאפטליך, געזעליג.

grega'riously *adv.* (גרי-גיי'-רי-אס-לי) מחנות-ווייז, גרופענווייז, אין סטאדעס; געזעלשאפטליך, געזעליג.

grega'riousness *n.* (גרי-גיי'-רי-אס-נעס) ז. *gregarianism*

grege *a.* and *n.* (גריעדזש) רויה [ווענען זייד]; רויה זייד.

Grego'rian *a.* and *n.* (גרי-גאו'-רי-ען) גרעגאריאניש, וואס איז שייך צום פאפסט גרעגארי דעם דרייצעהנטען אדער צום פאפסט גרעגארי דעם ערשטען; א גרעגאריאנער [א מיטגליעד פון א געזעלשאפט, ענהליך צו דעם פריימויערער-ארדען, וועלכער האט עקזיסטירט אין ענגלאנד אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט]; א מין פארוק, וועלכער איז געווען אין מאדע אין 17טען יאהרהונדערט.

Grego'rian cal'endar (גרי-גאו'-רי-ען קעל'-ען-דאר) דער גרעגאריאנישער קאלענדאר [דער איצטיגער קריסטליכער קאלענדאר וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין יאהר 1582 פון דעם פאפסט גרעגארי דעם דרייצעהנטען].

Grego'rian chant (גרי-גאו'-רי-ען טשענט) א מעלאדיע אין דעם גרעגאריאנישען סטיל. ז. *Gregorian song*

Grego'rian song (גרי-גאו'-רי-ען סאנג) די גרעגאריאנישע קירכען-מוזיק, געזאמעלט און איינגעפיהרט פון דעם פאפסט גרעגארי דעם ערשטען.

Grego'rian style (גרי-גאו'-רי-ען סטאיל) די גרעגאריאנישע צייטרעכנונג. ז. *Gregorian calendar*

gre'mial *a.* and *n.* (גרי'-מי-על) וואס איז שייך צום שויס אדער בוזעם; אינערליך, וואס איז שייך צו די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון א געזעלשאפט אדער קארפאראציאן; א שטיק טוך אדער זייד וואס א בישאף לעגט ארויף אויף זיין שויס ביי געוויסע קירכליכע צערעמאניעס.

gremia'le *n.* (גרי-מי-איי'-לי) א שטיק טוך אדער זייד וואס א בישאף געברויכט ביי געוויסע קירכליכע צערעמאניעס. ז. *gremial*

grenade' *n.* (גרי-נייד') א גראנאטע.

grenadier' *n.* (גרענ-ע-דיער') א גרענאדיר [א סאלדאט אין די אמאליגע פראנצויזישע און ענגלישע ארמעען וואס פלעגט ווארפען האנד=גראנאטען; א סאלדאט פון דער גווארדיע].

Grenadier

grenadine' *n.* (גרענ-ע-דיען') גרענאדין [א דינער דורכזיכטיגער זיידען אדער וואלען=שטאף פאר דאמען=קליידער].

gresso'rial *a.* (גרע-סאו'-רי-על) צונעפאסט צום געהן, געהענדיג [וועגען חיות]; וואס איז שייך צו דעם מין אינזעקטען מיט לאנגע דינע פיסלעך.

gresso'rious *a.* (גרע-סאו'-רי-אס) וואס איז שייך צו דעם מין אינזעקטען מיט לאנגע דינע פיסלעך.

grew (גרוה) געוואקסען. ז. *grow*

grew'some *a.* (גרוה'-סאם) ז. *gruesome*

grew'someness *n.* (גרוה'-סאם-נעס) ז. *gruesomeness*

grey *a., n. and v.* (גריי) ז. *gray*

grey'beard *n.* (גריי'-ביערד) ז. *graybeard*

grey'hound *n.* (גריי'-האונד) א כארט, א ווינד=הונד [אזא יאגד=הונד]; א שנעלע דאמפף=שיף.

Greyhound

grice *n.* (גראים) א חזיר; א חזיר'על.

grid *n.* (גריד) א גראטע; א הילצערנע שפארע, אויף וועלכער מען ציהט ארויס א שיף פון וואסער; א שפארע איבער א טעאטער=ביהנע, אויף וועלכער עס געפינט זיך די מאשינעריע, וואס מען ברויכט פאר דער ביהנע.

grid'dle *n.* (גרידל) א מין סקאווארדע אדער פלאכע בגאט=פאן; א בראט=אייזען אין דער פארם פון א גראטע; אזעלכע דינע לאטקעס; אן אויוועז=דעקעל [א פאקרישקע]; א דראטענע זיפ [געברויכט אין שאכטען].

grid'dle-cake *n.* (גריד'ל-קייק) אזעלכע דינע לאטקעס [מעהרסטענטייל פון רעטשענער מעהל] געבאקען אויף א סקאווארדע.

gride *v. and n.* (גראיד) קריצען [ווי ווען מען זעגט אייזען]; דאס קריצען.

grid'elin *n.* (גריד'-ע-לין) א בלאסער פורפור קאליר; א גרויליך=וויאלעט פארב.

grid'iron *n. and v.* (גריד'-אי-ערן) א בראט=אייזען אין דער פארם פון א גראטע; א שפארע פאר א שיף, ווען מען דארף זי ארויסציהען פון וואסער; א שפארע איבער א טעאטער=ביהנע, אויף וועלכער עס געפינט זיך די מאשינעריע וואס מען ברויכט פאר דער ביהנע; דער פלאץ, אויף וועלכען מען שפיעלט פוסבאל; בעדעקען מיט פאראלעלע ליניעז, שטאנגען א. ד. ג.

griece *n.* (גריעס) א טרעפעל, א שטופע [וועגען צייכנונגען אויף וואפען אדער שילדען].

grieced *a.* (גריעסט) וואס האט שטופען אדער טרעפ [וועגען צייכנונגען אויף שילדען].

grief *n.* (גריעף) ערגערניס, קומער, שמערץ, צער.

grief'ful *a.* (גריעפ'-פול) פערקומערט, פול מיט צער.

grief'less *a.* (גריעפ'-לעס) אהן דאגות, אהן זארג, אהן צער.

grief'-shot *a.* (גריעפ'-שאט) דערשלאגען פון צער.

grief'-worn *a.* (גריעפ'-הוואורן) פערעלטערט פון צרות; פער'חושכ'ט פון צער.

grie'vance *n.* (גריע'-וועגס) א קלאגע; דאס וואס רופט ארויס ערגערניס אדער קומער; אונצופרידענהייט.

grieve *v.* (גריעוו) ארויסרופען אן ערביטערונג; זיך ערביטערען; פערארורזאכען צער; זיך מצער זיין; זיך ערגערען; זיך קימערען.

grie'ver *n.* (גריע'-ווער) דער אדער דאס וואס רופט ארויס ערגערניס אדער קומער; איינער וואס קימערט זיך.

grieve to death (גריעוו טו דעטה) ערגערען צום טויט; זיך שטארק נעהמען צום הארצען.

grie'vingly *adv.* (גריע'-ווינג-לי) מיט ערגערניס, מיט פערביטערטקייט.

grie'vous *a.* (גריע'-וואס) וואס מאכט אן יסורים; וואס רופט ארויס צער; שמערצליך, טרויעריג, דריקענד; וואס איז שווער אריבערצוטראגען; פול מיט צער אדער קומער.

It was a **grievous** mistake not to have foreseen this trouble.

grie'vous bod'ily harm (גריע'-וואס באד'-אי-לי הארם) א שווערע, אבער ניט קיין אונהיילבארע בעשעדיגונג [פון א פערזאן].

grie'vously *adv.* (גריע'-וואס-לי) אויף א שמערצליכער ארט; יאמערליך; טרויעריג.

His friends are **grievously** disappointed in him.

grie'vousness *n.* (גריע'-וואס-נעס) שמערצליכקייט, יאמערליכקייט; א טרויעריגער צושטאנד; שוועריגקייט; עלענד.

griff *n.* (גריף) א רויטליך=ברוינער מולאט [א מענש וואס שטאמט ארויס פון געמישטער הייראט פון אמעריקאנער נעגערס און אינדיאנער].

grif'fin *n.* (גריפ'-אין) — אין מיטאלאגיע דער גריפאן [א לעגענדארע חיה מיט א קאפ פון אן אדלער און מיט א גוף פון א לייב, וועלכע היט כלומרשט די גאלד=גרובען און די אוצרות אין דער ערד]; א טרייער און וואכזאמער היטער; איינער וואס שטעהט אין וועג און לאזט ניט דורכגעהן; א גריף [א מין גייער אדער קארשון וואס ערנעהרט זיך מיט נבלות].

grif'finish *a.* (גריפ'-אינ-איש) וואס שטעהט אויף דער וואך, וואס לאזט ניט דורך.

grif'finism *n.* (גריפ'-אינ-איזם) דאס שטעהן אויף דער וואך; דאס ניט ארונטערלאזען קיין אויג פון עפעס.

grif'fin-vul'ture *n.* (גריפ'-אינ-וואל'-טשור) א גריף [אזא רויב=פויגעל]. ז. *griffin*

grif'fon *n.* (גריפ'-אן) ז. *griffin*

grig *n.* (גריג) א קליינער א גראז=גריל; א אאל=פיש; א וואנדערענדער טענצער אדער פאיאץ.

gri'-gri *n.* (גרי'-גרי) א קמיע, א פעטיש, א געטשקע [ביי די אפריקאנער].

grill *n. and v.* (גריל) א קליינע אייזערנע גראטע, אויף וועלכער מען בראט פלייש; בראטען אויף אן אייזערנער גראטע; זיך אבבראטען.

grillade' *n.* (גרי-לייד') דאס בראטען אויף אן אייזערנער גראטע; דאס וואס מען בראט אויף א גראטע.

gril'lage *n.* (גריל'-עדזש) א ראהם פון באלקענס אויסגעלעגט קרייץ און קווער אונטער א פונדאמענט פון א געביידע כדי זי זאל ניט זינקען; א שטאקעט.

grill'-room *n.* (גריל'-רוהם) א רעסטאראן, א גארקיך.

grim *a.* (גרים) 1. בייז, שרעקליך, שוידערהאפט, פורכטבאר; אבשייליך, פאסקודנע; 2. פערצווייפעלט.

1. Poverty and crime are **grim** realities.
2. He set out with a **grim** determination to succeed.

grimace' *n. and v.* (גרי-מייס') א גרימאסע, א העויה, א פערקרימונג פון געזיכט; דאס פערמאסקירען זיך; פערשטעלטקייט, היפאקריטסטווע; מאכען גרימאסען, פערקרימען דאס געזיכט

grimaced' *a.* (גרי-מייסט') פערקרימט די צורה.

grimal'kin *n.* (גרי-מאהל'-קין) אן אלטע קאץ; א קאץ.

grime *n. and v.* (גראים) מיסט, שמוץ, בלאטע; בעשמוצען.

gri'mily *adv.* (גראי'-מי-לי) פערשמוציגט.

gri'miness *n.* (גראי'-מי-נעס) שמוציגקייט, פערשמוצטקייט.

grim'ly *adv.* (גרימ'-לי) מיט בייזקייט; אויף א בייזער ארט; שרעקליך, שוידערהאפט.

grim'ness *n.* (גרימ'-נעס) גרימינקייט, בייזקייט; שוידערהאפטיגקייט; אבשייליכקייט, פאסקודנעקייט.

gri'my *a.* (גראי'-מי) שמוציג, בלאטיג; בעדעקט מיט שמוץ.

The laborer's hands are **grimy** from toil.

grin *v. and n.* (גרין) אויסשטשירען די ציינער; שמייכלען, אויסשטשירענדיג די

ציינהנער; מאַכען עווית מיט'ן פּנים; דאָס אויסשטשירען די ציינהנער; עווית מיט'ן פּנים; א ברייטער שמייכעל; א געצוואונגענער, פערעקטליכער אדער סאַרקאַסטישער שמייכעל.

grind *v. and n.* (גראַינד) מאַלען, רייבען, צומאַלען; שאַרפען, שלייפען; בעווענען אדער דרעהען א מיהל־שטיין א. ד. ג.; דריקען, קוועלען, פּייניגען; אבשפּאַטען, אבלאַכען; איינפּויקען [אנגעשטרענגט לערנען אדער חזר'ען ביים עקזאַמען]; צומאַלען אדער צוריבען ווערען; זיך שלייפען, זיך שאַרפען; דאָס צומאַלען, דאָס צורייבען; דאָס חזר'ען אַהן אן אויפהער די למודים; איינער וואָס האַרעוועט פיעל ביי די למודים; שפּאַס, שפּאַס, סאַטירע; אן אבשפּאַטער, א סאַטיריקער.

grin'der *n.* (גראַינ'־דער) א רייבער; א שלייפער; א שלייף־שטיין; א מיהל־שטיין; איינער וואָס מאַלט תבואה; א באַק־צאָהן; א צאָהן; אן איינפּויקער [איינער וואָס גרייט צו סטודענטען צום עקזאַמען].

grin'dery *n.* (גראַינ'־דער־אי) דער אָרט וואו מען שלייפט מעסערס א. ד. ג.; א קראָם פון שוסטער־מאַטעריאַלען; שוסטער־מאַטעריאַלען.

grind in (גראַינד אין) איינקריצען, איינשלייפען [אויף גלאָז].

grin'ding *n.* (גראַינ'־דינג) דאָס מאַלען, דאָס צורייבען; דאָס קריצען.

grin'ding-bed *n.* (גראַינ'־דינג־בעד) א מין שלייף־מאַשין צו פּאַלירען גרויסע שטיינערנע פּלאַטען.

grin'ding-bench *n.* (גראַינ'־דינג־בענטש) אין גלאָז־פאַבריקאַציאָן — אזא שטיינערנע באַנק, אויף וועלכער עס גיסט זיך אויס א גרויסע גלאָזערנע פּלאַטע, כדי זי צו מאַכען זעהר פּלאַך.

grin'ding-lathe *n.* (גראַינ'־דינג־לייטה) א קליינער שלייף־שטיין, וועלכער ווערט געדרעהט מיט'ן פוס.

grin'dingly *adv.* (גראַינ'־דינג־לי) אויף א צורייבענדען, דריקענדען אדער אכזרישען שטייגער.

grin'ding-machine' *n.* (גראַינ'־דינג־מע־שין') א שלייף־מאַשין.

grin'ding-mill *n.* (גראַינ'־דינג־מיל) א שלייף־פאַבריק; א שוהל וואו מען גרייט צו צום עקזאַמען.

grin'ding-slip *n.* (גראַינ'־דינג־סליפּ) אן אויל־שאַרפשטיין. ז. ***hone***.

grin'ding-tooth *n.* (גראַינ'־דינג־טוטה) א באַקצאָהן.

grind'stone *n.* (גראַינד'־סטאָון) דער שלייף־שטיין אין א שלייף־מאַשין.



Grindstone

grind'stone-grit *n.* (גראַינד'־סטאָון־גריט) אזא מין שטיין, פון וועלכען מען מאַכט שאַרפשטיינער.

grin'ner *n.* (גרינ'־ער) איינער וואָס קרימט זיך אדער מאַכט עווית מיט'ן פּנים; איינער וואָס שטשירעט מיט די ציינהן.

grin'ningly *adv.* (גרינ'־אינג־לי) לאַכענדיג, קרימענדיג דאָס פּנים; שטשירענדיג מיט די ציינהן.

grip *v. and n.* (גריפּ) אנכאַפּען מיט דער האַנד, פעסטהאַלטען; דאָס גרייפען מיט דער האַנד, דאָס פעסטהאַלטען; דאָס הענטעל אדער דער שטיל פון א זאַך; די גריפּ אדער אינפלוענציא [א מין פערקיהלונגס־קראַנקהייט]; אין בערג־אַרבייט — א מין צוואַנג, מיט וועלכער מען ציהט אַרויס א בויער־שטאַנג פון אן אויסגעבויערטען לאָך; אין מעכאַניק — איינער וועלכער לאָזט אַראָב און ציהט אַרויף די דעקאָראַציאָנען אויף דער סצענע; א קליינער מעשעמאָדאַן; א לאָך, דורך וועלכען א שטריק, וואָס איז דורכגעצויגען אין פערד, ווערט דורכגעצויגען כדי דאָס איבעריגע פערד זאָל אַראָבגעהן; דער אַפּאַראַט וואָס פעראייניגט דעם וואַגאָן פון א זייל־באַהן מיט דעם בעוועגענדען קאַנאַט. ז. ***cable-railroad***.

grip'-car *n.* (גריפּ'־קאַר) א וואַגאָן פון א זייל־באַהן. ז. ***cable-railroad***.

gripe *v. and n.* (גראַיפּ) פעסט אַרומכאַפּען מיט די פינגער; פעסטהאַלטען, צוזאַמענקוועטשען, צודריקען; פערשטייפען; אַרויסרופען ספּאַזמען אין בויך; פעראורזאַכען א וועהטאָג; קנייפּען, דריקען, קוועלען, פּייניגען; פערכאַפּען געלד דורך אונעהרליכע מיטלען; פּיהלען א וועהטאָג; אַריינכאַפּען ווינד אין די זעגלען, געהן שנעל מיט'ן ווינד [ווענען א שיף אין ים]; דאָס אומפאַסען מיט די פינגער, דאָס פעסטהאַלטען; דאָס פערכאַפּען אדער פערהאַלטען מיט געוואַלט; ספּאַזמען אדער שטעכעניש אין בויך; דאָס וואָס ווערט בענוצט צו פערכאַפּען אדער פערהאַלטען א זאַך; דער באַלקען אויף דער נאָז פון א שיף.

gripe'-pen'ny *n.* (גראַיפּ'־פּענ'־אי) א האַבזיכטיגער מענש, א קאַרגער.

gri'per *n.* (גראַי'־פּער) א בעדריקער; א האַבזיכטיגער מענש.

gri'pingly *adv.* (גראַי'־פּינג־לי) דורך אַרומכאַפּען, דורך גרייפען; מיט בויכוועהטאָג.

grip'man *n.* (גריפּ'־מען) דער מאַשינ־ניסט וואָס אַרבייט ביי דעם בעטריב פון א זייל־באַהן [א באַהן וואָס ווערט געטריבען מיט א דראַטענעם שטריק, ווי די באַרג־באַהנען].

grippe *n.* (גריפּ) אן עפּידעמישע אינפלוענציא.

grip'-ped'al *n.* (גריפּ'־פּעד'־על) דער פּעדאַל פון א וועלאָסיפּעד.

grip'per *n.* (גריפּ'־ער) אן אנגרייפער, אן אנכאַפּער, אן אנהאַלטער; אין דרוקעריי — אן אייזען־קלאַמער וועלכער האַלט אן דעם ענד פון פּאַפּיער־בויגען, ווען ער געהט דורך דער דרוק־מאַשין; אזא פּאָררינכטונג צו א פּאָסט־וואַגאָן וואָס כאַפּט אויף א פּאָסט־זאַק ווען די באַהן איז אין בעוועגונג; א פּאָררינכטונג אין אן עלעקטרישען בויגען־לאָמפּ אנצוהאַלטען די קויהלען־שטיקער.

grip'pingness *n.* (גריפּ'־אינג־נעס) גיערינקייט, שטאַרקער חשק, זשעדנעקייט.

grip'ping-wheel *n.* (גריפּ'־אינג־הוויעל) אן אנגרייפס־ראָד, א רייבונגס־ראָד.

grip'sack *n.* (גריפּ'־סעק) א האַנד־טשע־מאָדאַן, א סאַקוואַיאַזש, א רענצעל.

grise *n.* (גראַיס) א חזיר, א שוויין; א קליין חזיר'על.

gris'eous *a.* (גריס'־אי־אַס) פּערל־גרוי, גרוי וואָס כאַפּט אין בלוי.

grisette' *n.* (גרי־זעט') א פאַבריק־מיידעל, אן אַרבייטס־מיידעל; א ניט איבעריגס שטאַרק צנועה'דיגע פראַנצויזער אַרבייטס־מיידעל; אזא זאַרט גרויע וואָלען־צייג וואָס ווערט בענוצט פאַר קליידער פון די פּאַריזער אַרבייטס־פרויען.

gris'liness *n.* (גריז'־לי־נעס) שרעקליכקייט, אבשייליכקייט.

gris'ly *a.* (גריז'־לי) שרעקליך, אבשייליך.

gri'son *n.* (גראַי'־סאָן) דער זיד־אַמעריקאַנישער מאַרדער [ז. ***marten***]; א מין סאַפּאַזשו [אזא זיד־אַמעריקאַנישע אַפּע].

grist *n.* (גריסט) קאָרן וואָס איז בעשטימט צום מאַהלען; די מאָס קאָרן וואָס ווערט געמאַהלען מיט איין מאָל; די מאָס מאַלץ פאַר איין מאָל אבברייען ביער; לעבענסמיטעל, פּראָוויזיע; א געוויסע גרויס פון א שטריק אדער פּאָדים.

gris'tle *n.* (גריסל) בראַמשקע אדער קנאָרפּעל [פון פליישׁ]; עטוואָס וואָס איז נאָך יונג און ניט פערמירט.

gris'tliness *n.* (גריס'־לי־נעס) דאָס זיין בראַמשקעדיג אדער קנאָרפּעלדיג.

gris'tly *a.* (גריס'־לי) בראַמשקעדיג, קנאָרפּעלדיג; ווי בראַמשקע פון פליישׁ.

grist'-mill *n.* (גריסט'־מיל) א מיהל צום מאַהלען קאָרן.

grit *n. and v.* (גריט) 1. קלייען, שראָט־מעהל; זאַמד; זאַמד־שטיינדלעך; א זאַמד־שטיין; דער בוי פון שטיינער אין בעצוג צו האַרטקייט, זאַמדינגקייט א. ז. וו.; 2. קוראַזש, מוטה, כאַראַקטער־פעסטקייט, בעהאַרצטקייט; 3. סקריפּען, טרעשטשען [ווי זאַמד־שטיינדלעך אונטער די פיס]; צומאַהלען, צוררייבען.

2. He is a man of grit; that accounts for his success.

grits *n.* (גריטס) גרויפּען, גריץ, פּערל־גרויפּען.

grit'stone *n.* (גריט'־סטאָון) א זאַמד־שטיין.

grit'tiness *n.* (גריט'־אי־נעס) זאַמדינקייט, דאָס זיין זאַמדיג; מוטינקייט, ענטשלאָסענהייט, כאַראַקטער־פעסטקייט.

grit'ty *a.* (גריט'־אי) זאַמדיג; מוטיג, ענטשלאָסען, בעהאַרצט, כאַראַקטער־פעסט.

gri'venik *n.* (גרי'־ווי־ניק) א גריווניק, א רוסישע מטבע פון צעהן קאָפּיקעס [אונגעפעהר 5 אַמעריקאַנער סענט].

griv'na *n.* (גריוו'־נאַ) א גריוונע, א רוסישע זילבערנע מטבע פון צעהן קאָפּיקעס [אונגעפעהר 5 אַמעריקאַנער סענט].

griz'elin *n.* (גריז'־ע־לין) ז. ***gridelin***

griz'l *n. and v.* (גריזל) ז. ***grizzle***

griz'zle *n. and v.* (גריזל) א גרויער קאָליר; א גרוי־אַלטער מאַן, א גרייז; ווערען גרוי; לאַכען; שטשירען די ציינהנער; וואַרטשען.

griz'zled *a.* (גריזלד) גרוי; געמישט ווייס מיט שוואַרץ.

griz'zly *a. and n.* (גריז'־לי) גרוי, עט־וואָס גרוי; א מאַשין צום שטויסען קויהלען אדער אנדערע מאַטעריאַלען אין קליינע שטיקלעך; דער גרויער אַמעריקאַנער בער. ז. ***grizzly bear***.

griz'zly bear (גריז'־לי בעהר) דער

גרויער בער [געפינט זיך אין וועסט־נארד־אמעריקא].

griz'zly-king *n.* (גריז'־לי־קינג) אזא קינסטליכע פליגע פון פערשיעדענע פארבען צום כאפען פיש מיט א ווענטקע.

griz'zly-queen *n.* (גריז'־לי־קהוויען) א קינסטליכע פליגע צום כאפען פיש מיט א ווענטקע.

gro. [א גראס, אבקירצונג פון *gross* 12 טוצענ].

groan *v. and n.* (גראון) קרעכצען, אכצען, זיפצען; שטארק פערלאנגען; דאס קרעכצען; דאס אכצען, דאס זיפצען; אן אכץ, א זיפץ, א קרעכץ.

groan down (גראון דאון) אויסדריקען אונצופרידענהייט [דורך זיפצען און קרעכצען].

The speaker was groaned down.

groa'ner *n.* (גראו'־נער) איינער וואס קרעכצט אדער זיפצט.

groan'ful *a.* (גראונ'־פול) טרויעריג; זיפצענדיג.

groat *n.* (גראוט) א גראט [אן אלטע ענגלישע זילבערנע מטבע פון 4 פענים]; א פרוטה, א גראשען.

groats *n.* (גראוטס) גריץ, גרויפען.

gro'bian *n.* (גראו'־בי־ען) א גראביאן, אן אונערצויגענער גראבער מענש.

gro'bianism *n.* (גראו'־בי־ענ־איזם) גראביאנסטווא, א גראבע אויפפיהרונג.

gro'cer *n.* (גראו'־סער) א קאלאניאל־קרעמער; א בשמים־קרעמער, א שפייז־קרעמער.

gro'ceries *n.* (גראו'־סע־ריז) שפייז־וואארען, קאלאניאל־וואארען.

gro'cers' itch (גראו'־סערז איטש) אזא הויט־קראנקהייט, וואס קומט פון אומגעהן ארום צוקער.

gro'cery *n.* (גראו'־סער־אי) א שפייז־קראם, א קאלאניאל־וואארען־קראם, א בשמים־קראם; א שענק.

gro'ceryman *n.* (גראו'־סער־אי־מען) ז. *grocer*.

grog *n. and a.* (גראג) גראג, אזא געטראנק פון ראם מיט וואסער; א שטארקע משקה; מאכען א גראג.

grog'-blos'soms *n.* (גראג'־בלאס'־אמז) וויינפערלעך אויף דער נאז [דער רויטער אויסשלאג אויף דער נאז וואס קומט פון פיעל טרינקען].

grog'gery *n.* (גראג'־ער־אי) א פראסטער שענק.

grog'giness *n.* (גראג'־אי־נעס) שכרות, בעטרונקענהייט; א שטייפקייט אדער שוואכקייט אין די פיס פון א פערד.

grog'gy *a.* (גראג'־אי) בעטרונקען, שכור; וואקלענדיג אדער פלאנטערענדיג מיט די פיס [וועגען פערד].

grog'ram *n.* (גראג'־רעם) גראגראם [אזא דיקער זיידען־שטאף].

grog'ram-yarn *n.* (גראג'־רעם־יארן) אזעלכע גראבע וואלענע אדער זיידענע פעדים.

grog'-shop *n.* (גראג'־שאפ) א שענק.

groin *n. and v.* (גראין) דער קנייטש צווישען דעם אויבערשטען טייל פון דער פאלקע [שענקעל] וואו ער קומט זיך צונויף מיט דעם בויך; אין ארכיטעקטור — די קרייצונג פון קאנטיגע געוועלב־בויגענס; קאנטיגע געוועלב־בויגענס וואס קרייצען זיך; פארמירען קאנטיגע געוועלב־בויגענס וואס קרייצען זיך.

groined *a.* (גראינד) אין ארכיטעקטור — וואס האט קאנטיגע, זיך קרייצענדע געוועלב־בויגענס.

groined arch (גראינד ארטש) א קאנטיגער, זיך קרייצענדער געוועלב־בויגען.



Groined Arch

groi'nery *n.* (גראי'־נער־אי) ז. *groining*.

groi'ning *n.* (גראי'־נינג) קאנטיגע, זיך קרייצענדע געוועלב־בויגענס.

grom'et *n.* (גראמ'־עט) א רינג פון א שטריק; א מעטאל־רינג.

grom'met *n.* (גראמ'־עט) ז. *gromet*.

grom'well *n.* (גראמ'־הוועל) דער שטיין־זאמען [אזא פלאנצע מיט הארטע קליינע פרוכטען].

groom *n. and v.* (גרוהם) א שטאל־קנעכט; א פערד־קנעכט, א קאניוך; א דינער; א ברויטיגאם, א חתן; אן אויפזעהער איבער געוויסע אבטיילונגען פון דער קעניגליכער הויז־ווירטשאפט אמאל אין ענגלאנד; אויפפאסען אויף פערד.

groom in wai'ting (גרוהם אין הוויי'־טינג) א קאמער־יונקער אין דיענסט.

groom of the cham'ber (גרוהם אוו טהי טשיימ'־בער) א קעניגליכער קאמער־דיענער אמאל אין ענגלאנד.

groom of the stole (גרוהם אוו טהי סטאול) דער גארדעראבען־מייסטער [דער אויפזעהער אויף די קעניגליכע גארדעראבען אמאל אין ענגלאנד].

groom'-por'ter *n.* (גרוהמ'־פאור'־טער) אן אויפפאסער אויף די קעניגליכע צימערען און שפיעלען [אמאל אין ענגלאנד].

grooms'man *n.* (גרוהמז'־מען) א נויטער פריינד פון חתן וואס בעגלייט איהם צו דער חופה.

groove *n. and v.* (גרוהוו) א רינע; א קאנאל; א פאלב; אן אויסגעריבענער וועג, אן אנגענומענער קורס, רוטינע; א שאכט [די עפנונג פון א מעטאל־גרוב]; מאכען א רינע; אויסהוילען.

groo'ver *n.* (גרוה'־ווער) דער אדער דאס וואס גראבט; אן אינסטרומענט צו גראבען, מאכען א רינע אדער אויסהוילען.

groo'ving *n.* (גרוה'־ווינג) דאס גראבען שאכטען; א סיסטעם פון שאכטען אדער קאנאלען; א גראבען, א רינע.

groo'vy *a.* (גרוה'־ווי) ווי א גראבען אדער קאנאל; ווי א שאכטע; וואס האט א נייגונג צו געהן מיט אן אויסגעריבענעם וועג אדער זיך האלטען אן דער רוטינע; וואס איז בעשרענקט [אין געדאנקען, שטרעבונגען א. ז. וו.].

grope *v.* (גראופ) טאפען [אין דער פינסטער]; זוכען טאפענדיגערהייד.

There were no lights in the street and we were compelled to grope in the dark.

grope a hen (גראופ ע הען) נאכזעהן אויב די האהן האט אן איי.

grope one's way (גראפ הוואנז הוויי) זוכען א וועג אין דער פינסטער.

gro'per *n.* (גראו'־פער) איינער וואס געהט טאפענדיג אין דער פינסטער [ווי א בלינדער].

gro'pingly *adv.* (גראו'־פינג־לי) טאפענדיגערהייד.

gros *n. and a.* (גראו) אן אלטע זילבערנע מטבע אין פראנקרייך אדער ענגלאנד; א שטיק צייג וואס איז דיקער אדער שווערער פון אנדערע שטיקער צייג פון דיזעלבען זארט; שטארק [וועגען געדיכטע טינט אדער פארב].

gros'beak *n.* (גראוס'־ביעק) דער דיק־שנאבלער [א מין זינג־פויגעל מיט א דיקען שנאבעל און מיט א קורצען עק]; דער קירש־פינק [אזא פויגעל].

gro'schen *n.* (גראו'־שען) א גראשען [א קופערנע דייטשע מטבע].

gro'ser *n.* (גראו'־סער) אן אגרעס.

gross *a. and n.* (גראוס) גרויס; דיק, נע־דיכט; גראב [ניט עדעל, ניט דעליקאט]; וואולגאר; וואס ווארפט זיך שטארק אין די אויגען; שענדליך, אונגעהייער; אונעמפפינדליך, טעמפ; פול, אין גאנצען [קיין זאך ניט אראבגערעכנט]; דער הויפט טייל; די גאנצע מאסע, דאס גאנצע; א גראס [צוועלף טוצענ].

gross adven'ture (גראוס עד־ווענ'־טשור) דאס פער'משכונ'ען א שיף, דאס לייהען געלד אויף א פער'משכונ'טער שיף.

gross amount' (גראוס ע־מאונט) ברוטא־סומע [די סומע, פון וועלכער קיין אויסגאבען, רעבאטען, פראצענטען א. ז. וו. זיינען נאך ניט ארונטערגערעכנט געווארען].

gross anat'omy (גראוס ע־נעט'־א־מי) די אנאטאמיע פון די קערפער־טיילען, וועלכע מען קען זעהן און אונטערזוכען מיט'ן נאקעטען אויג. ז. *anatomy*.

gross av'erage (גראוס עוו'־ע־רעדזש) ז. *general average*.

gross'beak *n.* (גראוס'־ביעק) ז. *grosbeak*.

gross credu'lity (גראוס קרי־דיו'־לי־טי) איבערטריבענע, איבערמעסיגע לייכט־גלויביגקייט.

gross effect' (גראוס ע־פעקט') די טא־טאל־לייסטונג, די גאנצע ארבייט [פון א מאשין].

gross er'ror (גראוס ער'־אר) א גראבער פעהלער.

gross'-head'ed *a.* (גראוס'־העד'־עד) וואס האט א דיקען שארבען; גראב־קעפיג; נאריש, טעמפ.

grossifica'tion *n.* (גראו־סי־פי־קיי'־שאן) פערגרעסערונג, פערדיקונג; אין באטאניק — דאס אנשוועלען פון די עפרוכטעטע טיילען.

gros'sify *v.* (גראו'־סי־פאי) פערגרעסערען, מאכען דיקער; ווערען גרעסער אדער דיקער.

gross lie (גראוס לאי) א גראבער אדער שענדליכער ליגען.

gross'ly *adv.* (גראוס'־לי) אויף א גרוי־סען שטייגער; מיט איבערטריבענהייט; מיט גראבקייט; מיט וואולגאריטעט; אויף א נארישען אדער שענדליכען אופן.

gross'-min'ded *a.* (גראוס'־מאינ'־דעד) גראב, פּויעריש.

gross'ness *n.* (גראוס'־נעס) גרויסקייט, דיקקייט; גראבקייט; וואולגאריטעט; שענדליכקייט; אונגעהייערקייט; פולקייט [קיין זאך ניט אראבגענומען אדער אראב־גערעכנט].

gross price (גראוס פראיס) דער פול־לער פרייז [ניט ארונטערגערעכנענדיג די קאסטען].

gross pro'ceeds (גראוס פראו'־סיעדז)

דער אלגעמיינער איינקונפט, ברוטא־איינ־קונפט [ניט ארונטערגערעכענענדיג די אויס־גאבען].

gross receipt' (גראוס רי־סיט') ברוטא־איינגאהמע [ניט ארונטערגערעכענענדיג די אויסגאבען].

gross sum (גראוס סאם) די גאנצע סומע, די פולע סומע.

grossula'ceous *a.* (גראס־יו־ליי'־שיאס) וואס איז שייך אדער עהנליך צו אגרעסען; וואס איז שייך אדער עהנליך צו דעם גראסולאר אדער גרינעם גראנאט [אזא מינעראל].

gros'sular *n. and a.* (גראס'־יו־לאר) דער גרינער גראנאט [אזא מינעראל]; וואס איז שייך אדער עהנליך צו אגרעסען.

gros'sularite *n.* (גראס'־יו־לאר־אים) דער גרינער גראנאט. ז. *grossular*

gross weight (גראוס הוויים) ברוטא־גע־וויכט.

grot *n.* (גראט) ז. *grotto*

grotesque' *a. and n.* (גרא־טעסק') גרא־טעסק, זעלטזאם, מאדנע, משונע, פאנטאס־טיש; ווילד, ניט סיסטעמאטיש, ניט האר־מאניש; עטוואס וואס איז מאדנע, זעלט־זאם, משונע, ווילד אדער פאנטאסטיש; די גאטישע שריפט [ז. *gothic*].

grotesque'ly *adv.* (גרא־טעסק'־לי) אויף א זאנדערבארען, מאדנעם, ווילדען אדער משונע'נעם שטייגער.

grotesque'ness *n.* (גרא־טעסק'־נעס) זאנדערבארקייט, מאדנעקייט, אונגעוועהנ־ליכקייט; ווילדקייט, משונעת [אין בוי, פארם, אויפפיהרונג א. ז. וו.].

grot'to *n.* (גראט'־או) א גראטע [א הייהל].

grot'to-work *n.* (גראט'־או־הווירק) א געביידע אין דער פארם פון א גראטע [הייהל].

grouch *n. and v.* (גראוטש) דאס זיין שלעכט געשטימט; בורטשען, זיין אנגע־ברוגז'ט; ווארטשען.

grou'chy *a.* (גראו'־טשי) ווארטשענדיג, בורטשענדיג, כמורנע, אנגע'ברוגז'ט.

ground *n., a. and v.* (גראונד) גרונד; באדען; אויבערפלעכע פון דער ערד; ערד; לאנד; פלאץ; געגענד; לאנד־איי־גענטום; דער פאן [דער גרונט אויף וועל־כען מען מאהלט]; די גרונד־פארב; גרונד, אורזאכע; קוועלע; אין עלעקטריציטעט — ערד־שלוס [פעראייניגונג פון שטראם מיט דער ערד]; פונדאמענטאל; וואס איז שייך צום גרונד, צום באדען אדער צום ערד־בא־דען; וועגשטעלען אויף א פעסטען פונ־דאמענט אדער באדען; פעסט בעגרינדען אדער בעשטימען; גוט איינלערנען עפעס; ווערקלעגען אין דעם באדען אדער אויף'ן באדען; זיך אנשטויסען אן גרונט [וועגען א שיף]; אין עלעקטריציטעט — מאכען אן ערד־שלוס [פעראייניגען דעם שטראם מיט דער ערד]; צוריבען, צומאלען. ז. *grind*

groun'dage *n.* (גראונ'־דעדזש) האפען־געלד [פאר דעם פלאץ וואס א שיף פער־נעהמט אין האפען].

ground'-an'gling *n.* (גראונד'־ענ'־גלינג) כאפען פיש מיט א ווענטקע, ביי וועלכער דער האטשיק זינקט צום גרונט.

ground'-ap'ple *n.* (גראונד'־עפ'ל) קארטאפעל, בולבעס.

ground'-bait *n. and v.* (גראונד'־בייט) פערשיידענע שפייזען [שטיקלעך פלייש, שטיקלעך פיש א. ד. ג.] וואס מען ווארפט אריין אין טייך, אום צו צוציהען פיש; אזא פיש וואס האלט זיך אויף'ן גרונט; ווארפען פערשיידענע שפייזען אין טייך אום צו צוציהען פיש; כאפען פיש מיט א ווענטקע אזוי, אז דער האטשיק זאל ליגען אויף'ן גרונט פון טייך.

ground'-ball *n.* (גראונד'־באהל) אין באל־שפיעל — א באל וואס קייקעלט זיך אויף דער ערד.

ground'berry *n.* (גראונד'־בער־אי) ווינטערגרין. ז. *checkerberry*

ground'-cher'ry *n.* (גראונד'־טשער'־אי) א מין קארשען־בוימלעך.

ground'-cloth *n.* (גראונד'־קלאטה) א שטיק צייג אויף דער טעאטער־ביהנע וואס זעהט אויס ווי דער ערד־באדען.

ground'-dove *n.* (גראונד'־דאוו) א מין טויב וואס האלט זיך מעהרסטענטייל נאהענט צו דער ערד; די קארליק־טויב [אזא קליינע טויב אין אמעריקא].

Ground-dove

ground'-down *n.* (גראונד'־דאון) אזא קורצע נאדעל.

groun'dedly *adv.* (גראונ'־דעד־לי) אויף א גוט־בעגרינדעטען אופן; אויף א גוטען גרונד; מיט א גוטער אורזאכע.

groun'der *n.* (גראונ'־דער) ז. *ground-ball*

ground'-fee'der *n.* (גראונד'־פיע'־דער) א פיש וואס שפייזט זיך פון דעם גרונט פון טייך אדער ים.

ground'-flea *n.* (גראונד'־פליע) די ערד־פלוי [א קליינער שווארצער זשוק, וואס גראבט זיך אין דער ערד און איז זעהר שעדליך פאר פיעל פלאנצען].

ground floor (גראונד פלאור) אן אונ־טערשטער עטאזש, פארטער.

ground'-gru *n.* (גראונד'־גרוה) ז. *ground-ice*

ground'-hog *n.* (גראונד'־האג) די אמע־ריקאנער סורקע [מורמעלטהיער]; דער אפריקאנישער ערד־שוויין; אזא אמייזען־פרעסער [אזא חיה'לע] אויף'ן אינזעל מאראגאסקאר; די ווייסע, פעטע לארווע פון איינינע אינזעקטען [דאס ווערימעל פון וועלכען די אינזעקטען ענטוויקלען זיך].

ground'-hold *n.* (גראונד'־האולד) אן אנקער.

ground'-ice *n.* (גראונד'־אים) גרונט־אייז [אייז וואס בילדעט זיך אויף'ן גרונט פון טייך].

groun'ding *n.* (גראונ'־דינג) דער גרונט, דער פאן [ביים אויסנעהען]; דאס מאכען אזא גרונט אדער פאן; דאס גלאט מאכען מירמעלשטיין [מארמאר]; דאס מאכען גלאנציג טאפעטען [אבּיטשעס].

ground'-i'vy *n.* (גראונד'־איי'־ווי) דער גונדערמאן אדער ביער־פלאנצע. ז. *alehoof*

ground'-joist *n.* (גראונד'־דזשאיסט) דער גרונד־באלקען.

ground'less *a.* (גראונד'־לעס) גרונדלאז, ניט בעגרינדעט אויף קיין זאך; אהן אן אורזאכע.

The complaint is groundless.

ground'lessly *adv.* (גראונד'־לעס־לי) אהן אן אורזאכע; אויף אן אונבעגריני־דעטען אדער גרונדלאזען שטייגער.

ground'lessness *n.* (גראונד'־לעס־נעס) גרונדלאזיגקייט.

ground'-line *n.* (גראונד'־לאין) די גרונד־ליניע [אין דער פערספעקטיווע].

ground'ling *n.* (גראונד'־לינג) עטוואס וואס לעבט אויף דער ערד [וועגען חיות, פויגלען און אינזעקטען, אין געגענזאץ צו די וואס האלטען זיך אין דער הויך]; א פיש וואס האלט זיך אויף'ן גרונט פון טייך; א מין לאקס־פיש; א פראסטער מענש; א צושויער אין טעאטער וואס האט נים קיין זיץ־פלאץ.

ground'-net *n.* (גראונד'־נעט) א שלעפ־נעץ.

ground'nut *n.* (גראונד'־נאט) דער ערד־נוס.

ground'-pea *n.* (גראונד'־פיע) ז. *groundnut*

ground'-pine *n.* (גראונד'־פאין) אזא פלאנצע וואס האט דעם ריח ווי דער פעך־זאפט פון א טענענבוים; אזא לאנגע אי־מער־גרינע קלעטער־פלאנצע אין נארד־אמע־ריקא און ענגלאנד.

ground'-plan *n.* (גראונד'־פלען) דער גרונד־ריס אדער גרונד־פלאן; דער פלאן פון דעם גרונד־עטאזש פון א געביידע; דער ערשטער, אלגעמיינער אדער פונדא־מענטאלער פלאן.

ground'-plane *n.* (גראונד'־פליין) די פראיעקציאן אדער די האריזאנטאלע פלע־כע פון א צייכנונג אין פערספעקטיווע.

ground'-plate *n.* (גראונד'־פליים) א שוועל; דער אונטערשטער האריזאנטא־לער באלקען פון א ראהם פון א טהיר אדער פענסטער.

ground'-plot *n.* (גראונד'־פלאט) דער גרונט אדער דער באדען פון א געביידע; דער פלאן פון אונטערשטען עטאזש אין א געביידע; דער גרונד־ריס אדער גרונד־פלאן.

ground'-rent *n.* (גראונד'־רענט) די רענטע וואס מען צאהלט אן ערד־אייגענ־טימער פאר דער ערד, אויף וועלכער עס שטעהט א געביידע.

grounds *n.* (גראונדז) דער אבזאץ פון א נעטראנק [ווי קאפע, ביער א. ד. ג.] וואס בלייבט אויף'ן דעק פון כלי.

ground'-sea *n.* (גראונד'־סיע) א שטאר־קע איבערבו־זונג פון ים אין א שטילען וועטער.

ground'sel *n.* (גראונד'־סעל) קרייץ־קרוים [א מין גראז מיט בלימעהו, וועל־כע האבען די פארם פון געלבע קערבע־לעך]; די שוועל פון א טהיר אין א גע־ביידע.

ground'sel-tree *n.* (גראונד'־סעל־טריע) א מין בוים, ביי וועלכען די בלי־מער האבען די פארם פון קרייץ־קרוים.

ground'sill *n.* (גראונד'־סיל) א שוועל. ז. *groundsel*

ground'-squir'rel *n.* (גראונד'־סקהווארל) א מין וועווערקע וואס האלט זיך ניט אויף בוימער, נאר אויף דער ערד.

ground'-swell *n.* (גראונד'־סהוועל) דאס שטארקע ווארפען פון די כוואליעס אין ים דורך א שטורם וואס קומט פאר אין א ווייטערען פלאץ; א וועלען־ארטי־

נער באדען; אן אויפברויזונג [פון קלאנגען, געפיהלען א. ז. וו.].

ground'-tier *n.* (גראונד'-טיער) די פארקעט-לאזשען [אין א טעאטער]; די אונטערשטע ציילען פון פעסער און געפעק אין טריום אדער אונטערשטען טייל פון א שיף.

ground'ways *n.* (גראונד'-הוויז) אין שיף-בוי — א מין פונדאמענט פון האלץ אדער שטיין, אויף וועלכען עס בוים זיך א שיף.

ground'work *n.* (גראונד'-הוואירק) דער גרונט, דער פונדאמענט פון עפעס.

group *n. and v.* (גרוהפ) א גרופע פון מענשען אדער זאכען; א בינטעל, א קופע; אין בילדענדער קונסט — א צוזאמענשטעלונג פון עטליכע פיגורען, וועלכע בילדען אוים איין הארמאנישע גאנצע; אין וויסענשאפטליכער קלאסיפיקאציאן — א צאהל פון אינדיווידען, וועלכע האבען איינע און דיעזעלבע כאראקטעריסטישע סמנים; אין געאלאגיע — א פארמאציאן, א געוויסע אבלאגונג פון ערד-שיכטען; אין מוזיק — א טייל פון ארקעסטער מיט מוזיקאלישע אינסטרומענטען פון דעמזעלבען קלאס; גרופירען, צוזאמענשטעלען אין גרופען.

grou'ping *n.* (גרוה'-פינג) די גרופירונג, דאס גרופירען.

grous *n.* (גראוס) ז. *grouse*

grouse *n.* (גראוס) די וואלד-הוהן [א גרויסער ווילדער פויגעל עהנליך צו א הוהן].

Grouse

grou'ser *n.* (גראו'-סער) א קלאץ אדער אן אייזערנער שטאנג צייטווייליג אריינגעשלאגען אין מיטען פון שטראם, כדי אויפצוהאלטען א שיף, וועלכע דארף דארטען שטעהן, אז דאס וואסער זאל זי ניט פערטראגען.

grout *n., v. and a.* (גראוט) הייוועז, אבזאץ; וואסערע פאנאנדערגעלאזענע אין וואסער; פערשמירען מיט וואפנע; פערניפסען; געמאכט פון וואפנע.

grout'-ale *n.* (גראוט'-אייל) א מין געדיכט ביער.

grou'ty *a.* (גראו'-טי) געדיכט, מוטנע; אנגעכמורעט, בייז, גראב.

grove *n.* (גראווו) א גרופע פון ביימער וואס ווארפען אב א שאטען; א שאטענגאנג [א וועג צווישען ביימער].

grov'el *v.* (גראוו'ל) פויזען אויף דער ערד, קריכען אויף אלע פיער; ליגען אויסגעצויגען מיט'ן פנים צו דער ערד; ערנידריגען זיך; האבען נידריגע געפיהלען אדער בייזע מחשבות; זיין פערדארבען.

grov'eler *n.* (גראוו'ל-ער) א פויזער, א קריכער; איינער וואס ערנידריגט זיך; א נידריגער, געמיינער מענש.

grov'eling *a.* (גראוו'ל-אינג) וואס ליגענט אויסגעצויגען מיט'ן פנים צו דער ערד; וואס ערנידריגט זיך; נידריג, געמיין.

grov'eller *n.* (גראוו'ל-ער) ז. *groveler*

grov'elling *a.* (גראוו'ל-אינג) ז. *groveling*

grow *v.* (גראו) וואקסען; פערגרעסערען זיך; פערמעהרען זיך; ווערען; זיך צובינדען; זיך צוציהען; ערציהען, קולטיווירען, מאכען וואקסען.

grow bet'ter (גראו בעט'-ער) זיך בעסערען, שטארקען זיך, ווערען געזונד.

grow'er *n.* (גראו'-ער) איינער אדער עפעס וואס וואקסט אדער ווערט גרעסער; א קולטיווירער, אן ערציהער, איינער וואס הארעוועט אדער מאכט וואקסען.

grow in flesh (גראו אין פלעש) פעטער, דיקער ווערען.

grow'ing *n.* (גראו'-אינג) דאס וואקסען; דאס אויפציהען, דאס אויסהארעווען, דאס קולטיווירען; דאס וואס עס וואקסט.

grow'ingly *adv.* (גראו'-אינג-לי) וואקסענדיג, זיך פערגרעסערענדיג.

A **growingly** important profession.

grow in'to fa'vor (גראו אינ'-טו פיי'-וואר) קריגען חן ביי איינעם.

grow in years (גראו אין יירז) עלטער ווערען.

growl *v. and n.* (גראול) ברומען, ווארטשען; שרייען, רעדען מיט כעס; דאס ברומען, די ווארטשעריי.

grow'ler *n.* (גראו'-לער) איינער וואס ברומט אדער ווארטשעט; דער גרונץ-פיש [ז. *grunt*]; א כלי, אין וועלכער מען נעהמט ביער פון א שענק.

grow less (גראו לעס) זיך פערמינדערען.

grow'ling *n.* (גראו'-לינג) דאס ברומען, דאס ווארטשען.

grown (גראון) ערוואקסען, אויסגעוואקסען. ז. *grow*.

grow on (גראו אן) בעקומען מעהר ווערטה; ווערען מעהר אנערקענט.

grow out of (גראו אוט אוו) ארויסגעהן, ארויסוואקסען פון עפעס; זיין דער רעזולטאט אדער די פאלגע פון עפעס; אריבערוואקסען, אריבעריאגען, אריבערשטייגען.

grow out of fa'vor (גראו אוט אוו פיי'-וואר) פערלירען דעם חן ביי אימיצען.

grow out of kind (גראו אוט אוו קאינד) ענטארטעט ווערען, אונטערגעהן, אויסשטארבען.

grow o'ver (גראו או'-ווער) בעוואקסען ווערען; פערשימלט ווערען.

grow stale (גראו סטייל) אלט ווערען, פערשימלט ווערען; זיך אויסוועפען.

Even good wine may **grow stale**.

grow ta'pering (גראו טיי'-פער-אינג) אויסצעהרען, ווערען דאר, מאגער, שוואך.

growth *n.* (גראוטה) דאס וואקסען, דער וואוקס; דאס ארויסוואקסען; די צוואוקסונג, פערמעהרונג; ענטוויקלונג; דאס וואס קומט ארויס, א פראדוקט.

grow to a point (גראו טו ע פאינט) קומען צו דער זאך, קומען צום ריכטיגען ענין.

grow togeth'er (גראו טו-געטה'-ער) צוזאמענוואקסען.

grow up (גראו אפ) אויסוואקסען, דערגרייכען פולע ענטוויקלונג; ארויסשפראצען, ארויסוואקסען.

grow well (גראו הוועל) זיך בעסערען, זיך ערהאלען.

gro'zing-i'ron *n.* (גראו'-זינג-אי'-ערן) אן אינסטרומענט געברויכט ביים פערלייטען זאכען [אויסצוגלייכען און פאלירען די לייטונג].

grub *v. and n.* (גראב) גראבען, אויסגראבען; זיך גריבלען אין עטוואס; טיעף שטודירען, מאכען אונטערזוכונגען; שווער ארבייטען; עסען, אבעסען; געבען עסען; א לארווא [דאס ווערימעל פון וועלכען עס קומט ארויס א פליגעלע אדער א זשוק]; שפייז, לעבענסמיטעל; עטוואס וואס ווערט אויסגעגראבען [ווי ווארצלען א. ד. ג.]; א שמוציגער אדער אבגעלאזענער מענש.

grub and bub (גראב ענד באב) עסען און טרינקען.

grub'-ax *n.* (גראב'-עקס) ז. *grubbing-hoe*

grub'ber *n.* (גראב'-ער) איינער וואס גראבט; איינער וואס ארבייט שווער; א טיעפער שטודירער; אן אקער-אייזען צום אויסאקערען ווארצלען; א גראב-אייזען; אן עסער, א פרעסער.

grub'bing-ax *n.* (גראב'-אינג-עקס) ז. *grubbing-hoe*

grub'bing-hoe *n.* (גראב'-אינג-האו) א גראב-אייזען אדער אקער-אייזען צום אויסגראבען ווארצלען.

grub'by *a.* (גראב'-אי) שמוציג, אונזויבער; אנגעשטעקט אדער בעדעקט מיט לארווא [ווערימלעך, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך אינזעקטען].

grub'-hook *n.* (גראב'-הוק) אזא שפיציגער אקער-אייזען צום אויסאקערען ווארצלען אדער שטיינער פון דער ערד.

grub'-saw *n.* (גראב'-סאה) א האנד-זעג צום זעגען מירמעלשטיין.

Grub'-street *n. and a.* (גראב'-סטריעט) ארימע שריפטשטעלער אדער פערפאסער [אויף דעם נאמען פון א גאס אין לאנדאן, וואו עס האבען אמאל געוואהנט ארימע שריפטשטעלער]; ארעם, פראסט, שלעכט [וועגען ליטעראטור אדער שרייבער].

grub'-time *n.* (גראב'-טאים) די צייט פון עסען.

grub'worm *n.* (גראב'-הווירם) א לארווא [דאס ווערימעל פון וועלכען עס קומט ארויס א פליגעלע אדער א זשוק].

grudge *v. and n.* (גראדזש) 1. מקנא זיין, ניט פערגינען; פיהלען א ווידערווילען; קנאה, נייד; דאס ניט פערגינען; 2. אונצופריעדענהייט, האס, פערדרוס, ווידערווילען.

2. I owe you a **grudge** because you did not keep your promise.

grudg'er *n.* (גראדזש'-ער) א בעל-מקנא, א ניט-פערגינער.

grudg'ing *n.* (גראדזש'-אינג) קנאה; ניט-פערגינעריי; ווידערווילען; אונצופריעדענהייט; פערדרוס.

grudg'ingly *adv.* (גראדזש'-אינג-לי) מיט ווידערווילען, מיט אונצופריעדענהייט.

grudg'ingness *n.* (גראדזש'-אינג-נעס) קנאה; ווידערווילען; דאס מקנא זיין; דאס ניט-פערגינען.

gru'el *n.* (גרו'-על) קאשע.

grue'some *a.* (גרוה'-סאם) אימה'דיג, מורא'דיג, אבשטויסענד.

The sight of the battle-field was very **gruesome**.

grue'someness *n.* (גרוה'-סאם-נעס) דאס זיין אבשטויסענד; מורא'דיגקייט, אימה'דיגקייט.

gruff *a.* (גראף) בייז, פערדריסליך; גראב, הארט אדער שטרענג [אין בענעהמונג].

gruff'ish *a.* (גראפ'-איש) בייז, גראב, הארט אדער שטרענג.

gruff'ly *adv.* (גראפ'-לי) מיט בייזקייט, גראבקייט, הארטקייט אדער שטרענגקייט.

gruff'ness *n.* (גראפ'-נעס) בייזקייט; גראבקייט אדער שטרענגקייט [אין בענעה־מונג].

grum *a.* (גראם) גרימיג, בייז, פערדריס־ליך; טיעף, נידריג [וועגען א שטימע].

grum'ble *v. and n.* (גראמ'בל) בורטשען, ברומען, ווארטשען; דאס בורטשען, דאס ווארטשען.

grum'bler *n.* (גראמ'-בלער) א ווארי־טשון; א "קלאג־מוטער".

grum'bles *n.* (גראמבלז) א שלעכטע שטימונג.

grum'blingly *adv.* (גראמ'-בלינג-לי) בייז, פערדריסליך, אין שלעכטער שטימונג.

grume *n.* (גרוהם) א קלומפ, א פער־גליווערטע שטיק [ווי פערגליווערט בלוט].

grum'ly *adv.* (גראמ'-לי) אויף א בייזען אדער פערדריסליכען אופן.

grum'ness *n.* (גראמ'-נעס) אומעדיג־קייט, אונצופריעדענהייט, פערדריסליכ־קייט, בייזקייט.

gru'mous *a.* (גרוה'-מאס) קלומפיג, פער־גליווערט, געדיכט.

gru'mousness *n.* (גרוה'-מאס-נעס) קלומ־פיגקייט, פערגליווערטקייט, געדיכטקייט.

grum'pily *adv.* (גראמ'-פי-לי) אויף א בייזליכען אדער פערדריסליכען שטייגער.

grum'piness *n.* (גראמ'-פי-נעס) בייז־קייט, פערדריסליכקייט.

grum'pish *a.* (גראמ'-פיש) ז. *grumpy*

grum'py *a.* (גראמ'-פי) בייז, פערדריס־ליך, ערגערליך.

grun'del *n.* (גראנ'-דעל) דער שווארצער גאבי־פיש.

grun'dy *n.* (גראנ'-די) צושטויסענע גוס־אייזען צום פאבריצירען שטאהל.

Grun'dy *n.* (גראנ'-די) ז. ***Mrs. Grundy***

grunt *v. and n.* (גראנט) כריוקען, גרונצען [ווי א חזיר]; קרעכצען, אכצען; א כריוק; דער גרונץ־פיש [אזא אמערי־קאנער ים־פיש, וואס גיט ארויס א כריוק ווי פון א חזיר ווען מען נעהמט איהם ארויס פון וואסער].



Grunt

grun'ter *n.* (גראנ'-טער) איינער וואס כריוקעט; א שוויין; א פערד וואס פאנגט אן הירזשען ווען ער ריהרט זיך פון ארט; אזא אייזערנער שטאנג מיט א האטשיק צום ענד, וועלכער ווערט געברויכט אין אייזען־גיסערייען; אזא פיש.

grun'tingly *adv.* (גראנ'-טינג-לי) כריו־קענדיג, גרונצענדיג, ווארטשענדיג.

grun'ting-ox *n.* (גראנ'-טינג-אקס) דער יאק, גרונץ־אקס אדער ציעגען־ביפעל.

grun'tle *n. and v.* (גראנ'טל) א כריוק [ווי פון א חזיר]; א שנוק; כריוקען.

grunt'ling *n.* (גראנט'-לינג) א חזיר'על.

Gruyère' *n.* (גרוה-יעהר') א זארט שוויי־צער־קעז [ווערט געמאכט אין דעם שווייצארישען שטעדטעל גרוהיער].

gry *n.* (גראי) א צעהנטעל פון א ליניע [א ליניע איז א צעהנטעל פון א צאל אדער אינטש]; א פינטעלע; א קליינינקייט.

G-string *n.* (דזשי'-סטרינג) די גע־סטרו־נע [די פיערטע סטרונע פון א פיעדעל און די דריטע אויף א וויאלאנטשעלא און גיטאר].

gt. אין מעדיצין — אן אבקירצונג פון ***gutta*** [א טראפען].

Gt. Br. ***Great Britain*** אבקירצונג פון

gtt. אין מעדיציו — אן אבקירצונג פון ***guttæ*** [טראפענס].

gua'charo *n.* (גהוואַ'-טשא-ראו) דער אויל־פויגעל [אזא גרויסער ציעגען־מעל־קער]. ז. ***oil-bird***

guai'acum *n.* (גהוואי'-ע-קאם) דער גוואיאק־בוים [א מין בוים פון די הייסע לענדער פון אמעריקא, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין זעהר הארטען האלץ]; דאס הארטע גוואיאק־האלץ, פון וועלכען מען מאכט צייהנדלעך פאר צאהן־רעדער, באלען, בלאקען א. ד. ג.; פעך־זאפט פון דעם גוואיאק־בוים.

Guaiacum

guama' *n.* (גהווא-מא') א זארט בוים פון די הייסע לענדער פון אמעריקא מיט ברייטע בלעטער און ווייסע אדער געלבע בלומען. ווערט בענוצט אלס א שאטען פאר קאפע־פלאנצען.

guan *n.* (גהוואן) א מין אמעריקאנער פויגעל מיט א לאנגען ברייטען עק.

Guan

gua'na *n.* (גהוואַ'-נא) די אינואנא, א מין יאשטשערקע. ז. ***iguana***

guana'co *n.* (גהווא-נא'-קאו) א ווילדע אמעריקאנישע גראז־עסענדע חיה [די וויל־דע לאמא] פון א העל־ברוינעם קאליר.

Guanaco

gua'no *n. and v.* (גהוואַ'-נאו) די גואנא [די מיסט פון געוויסע דרום־אמעריקא־נישע ים־פויגעל, וואס ווערט געברויכט צו בעמיסטיגען פעלדער]; בעמיסטיגען א פעלד מיט גואנא.

guarantee' *n. and v.* (גער-ען-טיע') אן ערב; איינער וועמען מען גיט ערבות; ערבות, בירגשאפט; גאראנטירען, ערב זיין, קאווירען; פערזיכערען.

guar'antor *n.* (גער'-ען-טאר) אן ערב.

guar'anty *n. and v.* (גער'-ען-טי) ערב זיין, געבען ערבות; ערבות, בירג־שאפט; א גאראנטיע.

guard *n. and v.* (גארד) א וואך, א וועכטער, א היטער; א קאנדוקטאר; גווארדיע; א קאראאול, א קאנוואי; א שיצונג, א היטונג, א פארזיכט; יעדע זאך וואס פערהיט אדער בעשיצט פון א שאדען, פון א סכנה אדער היזק [ווי דער שוץ־גריף אדער די קווער־פלאטע פון א שווערד, וואס פערהיט, אז די האנד זאל זיך ניט אראבגליטשען פון הענטעל אויף דער שארף; דער האנד־בינגעל אדער דאס שטאהלענע רייפעל ארום דעם הענטעל (קוראק) פון א ביקס; די פארענטשע ארום דעק פון א שיף א. ד. ג.]; בעוואכען, היטען; בעשיצען; פיהרען אונטער קאנ־וואי; היטען זיך; זיין פארזיכטיג.

guar'dable *a.* (גאר'-דעבל) וואס קען געהיט אדער געשיצט ווערען.

guard'-boat *n.* (גארד'-באוט) א וואך־שיפעל.

guard'-chain *n.* (גארד'-טשיין) א זי־כערהייטס־קייטעל [פון אן אוהר א. ד. ג.].

guar'ded *a.* (גאר'-דעד) בעשיצט, פער־מיידינגט; בעהיטזאם, פארזיכטיג.

guar'dedly *adv.* (גאר'-דעד-לי) אויף א בעהיטזאמען, פארזיכטיגען שטייגער.

guar'dedness *n.* (גאר'-דעד-נעס) פאר־זיכטיגקייט.

guar'der *n.* (גאר'-דער) א היטער, א וועכטער.

guard'-house *n.* (גארד'-האוס) א הויפט־וואך [א הויז וואו עס שטעהט א קאראאול אדער קאנוואי]; א וואכט־הויז, א וואכט־שטיבעל; אן ארעסט־הויז.

guar'dian *n.* (גאר'-דיען) א בעוואה־רער, א שומר, א היטער; אן אפעקון, אן אפטרופוס; דער עלטסטער אין א פראנ־ציסקאנעם מאנאסטיר; א שוץ־מלאך, א שוץ־ענגעל.

guar'dian an'gel (גאר'-דיען איינ'-דזשעל) דער שוץ־מלאך.

guar'dianless *a.* (גאר'-דיען-לעס) אהן א שומר; אונבעשיצט.

guar'dian of the poor (גאר'-דיען אוו טהי פוהר) א מיטגליעד פון דער קא־מיטע פאר ארימען־אונטערשטיצונג אין ענגלאנד.

guar'dianship *n.* (גאר'-דיען-שיפ) אפעקונסטווע, אפטרופסות; שיצונג, הי־טונג, אויפזיכט.

guard'-i'rons *n.* (גארד'-אי'-ערנז) איי־זערנע גראטעס ארום די ארנאמענטען אויף א שיף.

guard'less *a.* (גארד'-לעס) אהן פערטיי־דיגונג, שוצלאז.

gaurd'-rail *n.* (גארד'-רייל) א פארענ־טשע ארום דעק פון א שיף; א זיכערהייטס־רעלסע [א צונעגעבענע רעלסע ביי דער זייט פון דער געוועהנליכער רעלסע אויף אן אייזענבאהן, כדי צו פערהיטען, אז די רעדער זאלען ניט אראבשפרינגען].

guard'-ring *n.* (גארד'-רינג) א זיכער־

הייטס־רינג [אן איינפאכער רינג וואס ווערט געטראגען אויף א פינגער אום צו פערהיטען א צווייטען א טייערערען].

guard'-room *n.* (גארד'-רוהם) ז. *guard-house*

guard'ship *n.* (גארד'-שיפּ) זיכערהייט, שוץ, שיצונג.

guard'-ship *n.* (גארד'-שיפּ) א וואכט־שיף; א קריעגס־שיף וואס איז בעשטימט צו בעשיצען און אכטונג צו געבען אויף'ן האפען.

guards'man *n.* (גארדז'-מען) א וועכ־טער, א שומר; אין ענגלאנד — אן אפי־ציער אדער סאלדאט פון דער גווארדיע; א סאלדאט פון דער מיליץ [אין די פער־איינינגטע שטאאטען פון אמעריקא].

gua'va *n.* (גהוואַ'-וואַ) די גויאווא [א מין גרויסער זיד־אמעריקאנישער בוים מיט שמעקענדע און געשמאקע פרוכטען].

Guava

gubernato'rial *a.* (גיו-בער-נע-טאָ'-רי-על) וואס איז שייך צום גובערנאטאר פון א שטאאט [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

gudg'eon *a. and v.* (גאדזש'-אן) דער גרונדלינג [א מין לאנג פישעל מיט צוויי עקעלעך ארום מויל און מיט גרויסע שו־פען]; א פראסטאק, א מענש, וועלכען מען קען לייכט אבנארען; ארייננארען אין זאק, בעשווינדלען; אן אייזערנער באלץ; דער צאפען פון אן אקס [דער טייל אויף וועלכען עס דרעהט זיך דער ראד]; אין א מאשין — דער טייל פון א וואל, וועלכער דרעהט זיך אין לאגער; די קראקוועס פון א דאך.

Guelf *n.* (גהוועלף) אין געשיכטע פון מיטעלאלטער — א גוועלף, איינער פון דער פאלקס־פארטיי, וועלכע האט אונטערגע־שטיצט דעם פאפסט אין געגענזאץ צו די גיבעלינען אדער די פארטיי, וועלכע האט אונטערגעשטיצט דעם קייזער.

guer'don *v. and n.* (גויר'-דאן) בעלוי־נען; דער לוין; בעלוינונג.

guéridon' *n.* (גיי-רי-דאן') א קליין רונד טישעל, אויף וועלכען עס שטעהט א וואזע אדער אן אנדער ציערונגס־כלי.

gueril'la *n. and a.* (גע-ריל'-א) די גוערילא [א באנדע אדער גרופע פון אונ־אבהענגיגע קריגער, וועלכע פיהרען מלחמה זעלבסטשטענדיג און אונטערווארפען זיך ניט אונטער דער דיסציפלין און רעגעלען פון דער הויפט־ארמעע]; די ארט מלחמה־פיהרונג פון די גוערילא; וואס איז שייך צו דער גוערילא.

gueril'list *n.* (גע-ריל'-איסט) איינער וואס בעלאנגט צו דער גוערילא. ז. *guerilla*

Guern'sey *n.* (גוירנ'-זי) א גערנזיער זארט מילך־קיה.

guerril'la *n. and a.* (גע-ריל'-א) ז. *guerilla*

guerril'list *n.* (גע-ריל'-איסט) ז. *guerillist*

guess *v. and n.* (געס) זיך אנשטויסען, טרעפען; משער זיין; דאס טרעפען, דאס אנשטויסען זיך; א השערה.

guess'able *a.* (געס'-עבל) וואס מען קען זיך אנשטויסען, טרעפען אדער משער זיין.

guess'er *n.* (געס'-ער) א טרעפער; איי־נער וואס איז משער.

guess'ing *n.* (געס'-אינג) טרעפעניש; השערה.

guess'ingly *adv.* (געס'-אינג-לי) דורך אן השערה; אנשטויסענדיג זיך, טרעפענ־דיג.

guess'-rope *n.* (געס'-ראופּ) ז. *guess-warp*

guess'-warp *n.* (געס'-הוואהרפּ) א שטריק מיט וועלכען מען בינדט צו א שי־פעל.

guess'work *n.* (געס'-הווארק) דאס טרעפען; דאס משער זיין; השערות.

guest *n.* (געסט) א גאסט; אין זאאלא־גיע — א פאראזיטען־בעשעפעניש.

guest'-cham'ber *n.* (געסט'-טשיימ'-בער) א גאסט־צימער, א זאאל; א בעזונ־דער צימער פאר א גאסט.

guest'-room *n.* (געסט'-רוהם) ז. *guest-chamber*

guest'-rope *n.* (געסט'-ראופּ) ז. *guess-warp*

guest'wise *adv.* (געסט'-הוואיז) ווי א גאסט.

guffaw' *v. and n.* (גא-פאה') ווילד לאכען, כאכאטשען, הירזשען; א פערדי־שער געלעכטער, א הירזשען.

gug'gle *v. and n.* (גאגל) גארגלען; דאס גארגלען.

guhr *n.* (גוהר) א ווייכער ערד־שיכט וואס האט זיך אויסגעבילדעט פון פעלזען, וועל־כע זיינען דורכגעווייקט געווארען.

gui'dable *a.* (גאי'-דעבל) וואס לאזט זיך פיהרען, געהארכזאם.

gui'dance *n.* (גאי'-דענס) פיהרונג, לייטונג, אויפזיכט.

guide *v. and n.* (גאיד) פיהרען, לייטען, ריכטען, פערוואלטען, קאנטראלירען; א פיהרער, א וועג־ווייזער; איינער וואס ריכ־טעט, לייטעט, פערוואלטעט אדער קאנ־טראלירט; א בוך מיט אויסקינפטע פאר רייזענדע; עטוואס וואס רעגולירט [ווי למשל, ביי מאשינעריע].

guide'-board *n.* (גאיד'-באורד) א וועג־ווייזער [א סלופּ אויף א שיידע־וועג מיט אויפשריפטען, וואוהין די וועגען פיה־רען].

guide'-book *n.* (גאיד'-בוק) א בוך מיט אויסקינפטע פאר רייזענדע.

guide'-flag *n.* (גאיד'-פלעג) א פלאג אויף א שיף אדער ביי מיליטער, דורך וועלכען מען ציינט אן די ריכטונג.

guide'less *a.* (גאיד'-לעס) אהן א פיה־רער; אהן א ריכטונג.

guide'-post *n.* (גאיד'-פאוסט) א וועג־ווייזער. ז. *guide-board*

gui'der *n.* (גאי'-דער) א פיהרער, א וועגווייזער.

gui'don *n.* (גאי'-דאן) א פאהן מיט וועלכער מען גיט סיגנאלען אדער מען ציינט די ריכטונג.

guild *n.* (גילד) א גילדע, א צעך. ז. *gild*

guil'der *n.* (גיל'-דער) ז. *gilder*

guild'hall *n.* (גילד'-האל) ז. *gildhall*

guile *n.* (גאיל) ליסטיגקייט, כיטרעקייט, בעטריגעריי; די כלי אין א ביער־ברויע־ריי, וואו דאס ביער געהרט אדער איהרט.

guile'ful *a.* (גאיל'-פול) בעטריגעריש, כיטרע.

guile'fully *adv.* (גאיל'-פול-אי) מיט כיטרעקייט; מיט בעטרוג.

guile'fulness *n.* (גאיל'-פול-נעס) כיט־רעקייט, ליסטיגקייט, בעטריגעריי.

guile'less *a.* (גאיל'-לעס) אהן בעטרוג; עהרליך, ערנסט, אויפריכטיג.

guile'lessly *adv.* (גאיל'-לעס-לי) מיט אויפריכטיגקייט, מיט עהרליכקייט, מיט ערנסטקייט.

guile'lessness *n.* (גאיל'-לעס-נעס) עהרליכקייט, ערנסטקייט, אויפריכטיגקייט.

guil'fat *n.* (גאיל'-פעט) א כלי אין א ביער־ברויעריי וואו דאס ביער איהרט.

guil'lemot *n.* (גיל'-ע-מאט) די לומע אדער קאירא [אזא וואסער־פויגעל מיט שוואכע פליגלען, האלט זיך אויף מעהר־סטענס אין דער נארד ביים אייז־מעער].



Guillemot

guille'vat *n.* (גיל'-וועט) ז. *guilfat*

guilloche' *n. and v.* (גי-לאוש') א פערציערונג וואס זעהט אויס ווי איבערגעפלאכטענע בענדער אדער שניר־לעך]; בעדעקען מיט אזא בעציע־רונג.



Guilloche

guil'lotine *n.* (גיל'-א-טין) א גילאטינע [אזא מאשין אין פראנקרייך ארואבצוהא־קען די קעפּ פון פערברעכער]; א האק־מאשין; א כירורגישער אינסטרומענט צום אויסשניידען מאנדלען פון האלז.



Guillotine

guillotine' *v.* (גיל-א-טין') אראבהאקען דעם קאפּ מיט א גילאטינע.

guillotine'ment *n.* (גיל-א-טינ'-מענט) די היגריכטונג מיט דער גילאטינע.

guills *n.* (גילז) די וואוכער=בלום [אזא קארן=בלום].

guilt *n.* (גילט) שולדיגקייט [אין א פערברעכען]; א שולד.

guil'tily *adv.* (גיל'-טי-לי) שולדיג, שטראפבאר.

guil'tiness *n.* (גיל'-טי-נעס) שולדיגקייט [אין א פערברעכען]; שטראפבארקייט.

guilt'less *a.* (גילט'-לעס) אונשולדיג [אין א פערברעכען].

guilt'lessly *adv.* (גילט'-לעס-לי) ניט שולדיג [אין א פערברעכען].

guilt'lessness *n.* (גילט'-לעס-נעס) אונשולדיגקייט.

guilt'less of (גילט'-לעס אוו) אונערפאהרען, ניט בעקאנט [מיט דעם געגענשטאנד], ניט געניט; אהן א ברעקעל בעגריף [פרעג איהם בחרם].

guilt'-sick *a.* (גילט'-סיק) קראנק פון געוויסענסביסע וועגען א פערברעכען.

guil'ty *a.* (גיל'-טי) שולדיג [אין א פערברעכען].

guin'ea *n.* (גינ'-אי) א גינע [אן ענגלישע גאלד=מטבע פון 21 שילינג].

Guin'ea-cloth *n.* (גינ'-אי-קלאטה) פערשיעדענע וועב=שטאפען וואס ווערען פאבריצירט פאר דעם האנדעל מיט וועסט=אפריקא.

guin'ea-corn *n.* (גינ'-אי-קארן) מארהירזש [אזא מין הירזש].

guin'ea-fowl *n.* (גינ'-אי-פאול) די פערל=הוהן [אזא אפריקאנער פויגעל פון דונקעל=גרויען קאליר מיט ווייסע פינטעלעך, איז ווי א געוועהנליכע הוהן די גרויס, האט א קליינעם קאפ און א קורצען עק].

Guinea-fowl

guin'ea-grains *n.* (גינ'-אי-גריינז) ז. ***grains of paradise***

guin'ea-grass *n.* (גינ'-אי-גרעס) א מין דיק אפריקאנער גראז וואס וואקסט אין די ווארימע געגענדען.

guin'ea-hen *n.* (גינ'-אי-העז) ז. ***guinea-fowl***

Guin'eaman *n.* (גינ'-אי-מען) א שיף וואס ווערט בענוצט פאר'ן האנדעלס=פערקעהר מיט גווינעא, אין אפריקא.

Guin'ean *a.* (גינ'-אי-ען) וואס איז פון גווינעא, אין וועסט=אפריקא.

Guin'ea pep'per (גינ'-אי פעפ'-ער) שפאנישער פעפער.

guin'ea-pig *n.* (גינ'-אי-פיג) א זידאמעריקאנער ים=חזיר'על אדער קראליק; א הומאריסטישער נאמען אין ענגלאנד פאר א דירעקטאר פון אן אקציען=געזעלשאפט צוליעב דעם וואס ער נעהמט פאר יעדער זיצונג א גינע [21 שילינג]; א רייזענדער אדער מיליטער=בעאמטער וואס בעקומט א גינע טעגליך.

guin'ea-worm *n.* (גינ'-אי-הוואירם) דער הויט=ווארים [אזא דינער, גאנץ לאנגער, פאדים=עהנליכער ווארים אין די ווארימע לענדער].

guin'iad *n.* (גהווינ'-אי-עד) ז. ***gwiniad***

guipure' *n.* (גי-פיור') אזא זארט שפיצען [קרוזשעווע] אדער בעזאץ וואס דער מוסטער ווערט אויסגעשניטען פון באטיסט און ארומגענעהט מיט א פאדים; אזא זארט שפיצען וועלכע זיינען איבערגעשפינט מיט זייד.

guise *n. and v.* (גאיז) א שטייגער, אן אופן, אן ארט; א מאדע, א פאסאן; א מנהג; בענעהמונג, אויפפיהרונג; דאס אויסערליכע אויסזעהן; דאס אויסזעהן, דער אויסקוק; קליידער; זיך אנקליידען; זיך פערקליידען.

gui'ser *n.* (גאי'-זער) א פערמאסקירטער אדער פערקליידעטער.

guitar' *n.* (גי-טאר') א גיטארע [א מוזיקאלישער אינסטרומענט, וועלכער האט געוועהנליך זעקס סטרונעס].



Guitar

gu'la *n.* (גיו'-לא) א קארניז; דער אויבערשטער טייל פון האלז ביי א פויגעל.

gu'lar *a.* (גיו'-לאר) וואס איז שייך צום האלז.

gu'lash *n.* (גוה'-לעש) ז. ***goulash***

gulch *n.* (גאלטש) א שמאלער טהאל צווישען פעלזען; א לאנגער טיעפער גראבען אין דעם דעק פון ים.

gul'den *n.* (גול'-דען) א גולדען [אן עסטרייכישע זילבערנע מטבע, וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 40 אמעריקאנער סענט; א האלענדישע זילבערנע מטבע; אן אלטע דייטשע גאלדענע מטבע].

gule *v.* (גיול) לאכען, כאכאטשען.

gules *n.* (גיולז) די רויטע פארב [ביי וואפען].

gulf *n. and v.* (גאלף) א גאלף, א בוכט, א מעער=בוזעם [א טייל פון ים וואס שניידט זיך אריין אין יבשה]; אן אבגרונד, א תהום; א שלונד; פערשלינגען ווי אין תהום.

Gulf Stream (גאלף סטריעם) דער גאלף=שטראם [די שטרעמונג פון דעם אטלאנטישען מעער וועלכע שטראמט פון דעם גאלף פון מעקסיקא צו נארד לענגסט דעם ברעג פון די פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא און דאן נארד=אסט אין דער ריכטונג פון די בריטישע אינזלען און פון סקאנדינאווישען ברעג].

gulf'weed *n.* (גאלף'-הוויעד) אזא גרויס, דיק ים=גראז פון אן אליוו=ברוינעם קאליר.

gul'fy *a.* (גאל'-פי) פול מיט אבגרונדען.

gul'gul *n.* (גאל'-גאל) אזא זארט צעמענט וואס ווערט בענוצט צום אויסצעמענטירען דעם דעק פון א שיף.

gull *n. and v.* (גאל) די מעווע [אזא ים=פויגעל וואס שווימט און פליהט]; א פראסטאק, א שוטה; א בעטרוג, א שווינדעל; בעטריגען, אבנארען.



Gulls

gull'-catch'er *n.* (גאל'-קעטש'-ער) אן אבנארער, א בעטריגער.

gull'er *n.* (גאל'-ער) ז. ***gull-catcher***

gul'let *n. and v.* (גאל'-עט) דער האלז, דער שלונד, די שפייז=רעהר; א שמאל טהאלכעל דורך וועלכען עס שטראמט א טייכעל; א וואסער=קאנאל; עטוואס וואס איז עהנליך צו א האלז אדער שלונד; א צוויקעל [א קלין פון א העמד אדער קלייד]; א פאנצער פאר'ן האלז; אזא קאנקאווער ציינער=אויסשניט אין געוויסע זעגען; בויען אדער גראבען אן אייזענבאהן=וועג אין שטופען; מאכען קאנקאווע ציינער=אויסשניטען אין א זעג.

gullibil'ity *n.* (גאל-אי-ביל'-אי-טי) לייכטגלויביגקייט, דומהייט.

gul'lible *a.* (גאל'-איבל) לייכטגלויביג; וואס לאזט זיך אבנארען.

gul'ly *n. and v.* (גאל'-אי) א גראבען; אן אבפלוס, א רינע; א גראבען אדער קאנאל וואס איז געשאפען געווארען דורך א וואסער=שטראם; אזא מעסער; אויסשווייקען אדער אויסגראבען א קאנאל [דורך דער הילף פון וואסער=שטראם].

gul'ly-gut *n.* (גאל'-אי-גאט) א פרעסער.

gulp *v. and n.* (גאלפ) שלוקען, פערשלינגען; א שלוק, א שלינג.

gulp down (גאלפ דאון) אראבשלינגען, פערשלינגען; דערשטיקען אין זיך א געפיהל.

gul'pin *n.* (גאל'-פין) א לייכטגלויביגער, א מענש וואס נעהמט אן פאר גוטע מינץ אלעם וואס מען דערצעהלט איהם.

gum *n. and v.* (גאם) דאס צאהן=פלייש, די יאסלע; גומי; קלעפ=גומי; עטוואס קלעפיגעס; א גומי=בוים; א בלעזעל, א פרישטש; בעשמירען מיט קלעפ=גומי; צונויפקלעפען; בעדעקען מיט גומי; אויסשלייפען אדער אויספיילען די צייהנער פון א זעג; אבטהאן א שפיצעל, אריינגארען; זיך צונויפקלעפען, שטייף אדער פעסט ווערען.

gum ar'abic (גאם ער'-עב-איק) גומי אראביק [אזא פעכיגער זאפט וואס ווערט ערהאלטען פון אקאציען=ביימער און ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען].

gum'bo *n.* (גאמ'-באו) אזא פלאנצע; א זופ נעקאכט פון דיעזער פלאנצע; אזא דיאלעקט וועלכען עס ריידען די קרעאלען אדער די נעגער אין שטאאט לואיזיאנא, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

gum'-boil *n.* (גאמ'–באיל) א צאהן־געשוויר.

gum'-drop *n.* (גאמ'–דראפ) א מין קאנפעקט וועלכער ווערט געמאכט פון גומי אראביק.

gum elas'tic (גאם אי–לעס'–טיק) גומי־לאסטיק, ציה־גומי, קויטשוק.

gum'-game *n.* (גאמ'–גיים) א שפיצעל, א שטוקע, אן אריינגנארעריי.

gum'ma *n.* (גאמ'–א) א מין געשוויר וואס קומט פון סיפילים [פראנצען].

gum'mata *n.* (גאמ'–ע–טא) סיפילים־געשווירען. ז. ***gumma***

gum'mer *n.* (גאמ'–ער) א געצייג צום אויסשלייפען די צייהנער אין א זעג.

gummif'erous *a.* (גא–מיפ'–ע–ראס) וואס גיט ארויס גומי.

gum'miness *n.* (גאמ'–אי–נעס) קלעפיגקייט; ציהיגקייט; דאס האבען די איינגעשאפטען פון גומי.

gummo'sis *n.* (גא–מאו'–סיס) די בילדונג פון גומי אין די עלטערע ארגאנען פון פלאנצען.

gummos'ity *n.* (גא–מאס'–אי–טי) ז. ***gumminess***

gum'mous *a.* (גאמ'–אס) וואס האט די איינגעשאפטען פון גומי, קלעפיג; עלאסטיש.

gum'my *a.* (גאמ'–אי) וואס בעשטעהט פון גומי; קלעפיג; עלאסטיש; אנגעזאפט מיט גומי; בעדעקט מיט גומי; בעשמירט מיט גומי אדער מיט עטוואס קלעפיגעס.

gump *n.* (גאמפ) א גלאמפ, א באלוואן, א דומער יונג.

gum'-plant *n.* (גאמ'–פלענט) אזא פלאנצע אין די וועסטליכע און זיד־וועסטליכע געגענדען אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכע איז, ווי לאנג זי איז יונג, בעדעקט מיט אזא גומי־ארטיגען שטאף.

gump'tion *n.* (גאמפ'–שאן) פערשטאנד, שכל, קאפ.

gump'tionless *a.* (גאמפ'–שאן–לעס) אהן שכל, אהן קאפ; נאריש, דום.

gump'tious *a.* (גאמפ'–שאס) איינגעבילדעט; וואס האלט זעהר פון זיך; שכל'דיג, פערשטענדיג.

gum'-rash *n.* (גאמ'–רעש) אזא הויט־קראנקהייט ביי קינדער, ווען עס שניידען זיך ביי זיי צייהנער.

gum res'in (גאם רעז'–אין) פעך־גומי; קויטשוק.

gums *n.* (גאמז) קאלאשען.

gum'-tree *n.* (גאמ'–טריע) א גומי־בוים.

gum'-wa'ter *n.* (גאמ'–הוואה'–טער) גומי צולאזען אין וואסער [ווי גומי אראביק].

gum'-wood *n.* (גאמ'–הוואוד) דאס האלץ פון א גומי־בוים.

gun *n. and v.* (גאן) א קאנאן; א ביקס, א פלינט; א ביקס־טרעגער, א מיטגליעד פון א פארטיע וואס געהט אויף גייעג; אין גלאז־פאבריקאציאן — אן אינסטרומענט צו בעצייכנען די ברייט פון גלאז־פלאטען; שיסען פון א ביקס; לערנען זיך שיסען.

gun'-bar'rel *n.* (גאנ'–בער'–על) די רעהר פון א ביקס דורך וועלכער עס געהט ארוים די קויל.

gun'boat *n.* (גאנ'–באוט) א קאנאנען־שיף [א לייכטע קריעגס־שיף, וואס קען אריינגעהן פון ים אין א טייך]; א מעכאנישער קויהלען־שויפעל [א מין קאסטען מיט רעדלעך, וועלכער עפענט זיך מעכאניש פאנאנדער און נעהמט אן און לאזט ארוים קויהלען].

gun'-car'riage *n.* (גאנ'–קער'–עדזש) א קאנאן־וואגען.

gun'cotton *n.* (גאנ'–קאטן) שוס־בוימוואל, פיראקסילין.

gun'-deck *n.* (גאנ'–דעק) דער גאנדעק [דער דעק אדער פאלובע פון א קריעגס־שיף וואו עס שטעהען די קאנאנען];

gun'-fire *n.* (גאנ'–פאיר) די שטונדע אין דער פריה און אין אבענד ווען עס ווערט געפייערט פון א הארמאט.

gun'-flint *n.* (גאנ'–פלינט) פלינט־שטיין אדער קרעמען וואס פלעגט איינגעפאסט ווערען אין די אלטע ביקסען אום צו מאכען פייער.

gun'-gear *n.* (גאנ'–גיער) די צונגעהעריגקייטען פון א ביקס אדער הארמאט.

gun'-lock *n.* (גאנ'–לאק) דער שלאס פון א ביקס [דער מעכאניזם, דורך וועלכען דאס העמערעל קלאפט זיך אב אז פולווער און די ביקס שיסט אויס].

gun'-ma'ker *n.* (גאנ'–מיי'–קער) א מייסטער פון קליינע פייער־וואפען [ווי ביקסען, רעוואלווערען א. ד. ג.].

gun'man *n.* (גאנ'–מען) איינער וואס מאכט שיס־געוועהר; איינער וואס איז בעוואפענט מיט שיס־געוועהר; א באנדיט, א מערדער.

gun'-met'al *n.* (גאנ'–מעט'–על) א זארט בראנז־מעטאל פון וואס הארמאטען פלעגען אמאל געמאכט ווערען.

gun'ner *n.* (גאנ'–ער) אן ארטילעריסט, א קאנאנען־שיסער; דער צעכמייסטער אויף א קריעגס־שיף; איינער וואס שיסט פויגלען; א יעגער.

gun'nery *n.* (גאנ'–ער–אי) די קונסט אדער די לעהרע פון שיסען.

gun'ning *n.* (גאנ'–אינג) די קונסט פון שיסען; דאס שיסען פויגלען.

gun'ny *n.* (גאנ'–אי) א מין דינע ראנאזשע וואס ווערט געפלאכטען פון ריטער.

gun'-pen'dulum *n.* (גאנ'–פענ'–דיו–לאם) א פארריכטונג, מיט וועלכער מען פרובירט די שטארקייט פון פולווער; א מין אינסטרומענט אנצושטעלען ריכטיג דעם ציעל פון א ביקס.

gun'-port *n.* (גאנ'–פאורט) דאס קאנאנען־פענסטערעל [דער לאך אין א קריעגס־שיף, פון וועלכען עס שטעקט ארויס א קאנאן].

gun'powder *n.* (גאנ'–פאו–דער) שיס־פולווער.

Gun'powder plot (גאנ'–פאו–דער פלאט) אין דער ענגלישער געשיכטע — די געהיימע פערשווערונג פון די קאטאליקען אין יאהר 1605 אויפצורייסען דעם פארלאמענט און דעם קעניג דזשיימס דעם ערשטען פאר דעם געזעץ וואס איז דאמאלס אנגענומען געווארען געגען די קאטאליקען.

gun'powder tea (גאנ'–פאו–דער טיע) פערלטהעע [אזא מין טהעע וואס יעדעס בלעטעלע איז צוזאמענגעוויקעלט אין א קיילכעלע].

gun'-reach *n.* (גאנ'–ריעטש) שאס־ווייטקייט [די ווייטקייט וואס א שאס פון א ביקס קען דערגרייכען].

gun'-room *n.* (גאנ'–רוהם) אן אבטיילונג אויף דעם קאנאנען־דעק פון א קריעגס־שיף, וואו די אונטער־אפיציערען געפינען זיך.

gun'shot *n. and a.* (גאנ'–שאט) א קאנאנען־שאס, דער מרחק וואס א קויל פון א קאנאן קען דערגרייכען; וואס איז געווארען דורך א קאנאנען־שאס.

gun'-sling *n.* (גאנ'–סלינג) דער ביקס־רימען [דער רימען פון א ביקס צו טראגען אויף דער פלייצע]; א שטריק אונטערצוהויבען א הארמאט.

gun'smith *n.* (גאנ'–סמיטה) א ביקס־שמיעד, איינער וואס מאכט ביקסען, רעוואלווערען א. ד. ג.

gun'smithery *n.* (גאנ'–סמיטה–ער–אי) די קונסט פון מאכען קליינע פייער־וואפען [ווי ביקסען, רעוואלווערען א. ד. ג.].

gun'-stick *n.* (גאנ'–סטיק) דער לאדונגס־שטאק [אזא שטעקעל צו רייניגען און אנלאדען א ביקס].

gun'-stock *n.* (גאנ'–סטאק) דער קאלבען אדער פריקלאד פון א ביקס [דאס האלץ אין וועלכען עס ליעגט איינגעפאסט די שיס־רעהר].

gun'-tack'le *n.* (גאנ'–טעקל) א שטריק מיט צוויי בלאקען אויפצוהויבען קאנאנען.

gun'-wad'ding *n.* (גאנ'–הוואד'–אינג) א קאנאנען־פראפקע [דאס דעקעל מיט וואס מען פערשטאפט דעם לאך פון א קאנאן ווען מען געברויכט איהם ניט].

gurgita'tion *n.* (גויר–דזשי–טיי'–שאן) די וועלען־בעוועגונג פון א פליסיגקייט [ווי בעת עס זידט אדער קאכט].

gur'gle *v.* (גויר'גל) גארגלען; ריזלען, זשורטשען [ווי א וואסער]; ארויסלאזען א קלאנג ווי וואסער בעת עס גיסט זיך פון אן איבערגעקעהרטער פלאש [בול־בול־בול].

gur'glet *n.* (גויר'–גלעט) א מין ליימענער קרוג אבצוקיהלען וואסער.

gur'let *n.* (גויר'–לעט) דער שפיצהאמער [א מין קירקע מיט א האק פון איין זייט און מיט א שפיץ פון דער צווייטער].

gur'nard *n.* (גויר'–נארד) דער ים־האהן [א מין קליינער ים־פיש וואס איז עהנליך צו די פליה־פישען]; א פליה־פיש.



Gurnard

gur'net *n.* (גויר'–נעט) ז. ***gurnard***

gu'ru *n.* (גוה'–רוה) ז. ***gooroo***

gush *v. and n.* (גאש) ארויסברעכען מיט א שטראם; פליסען מיט קראפט; ארויסשטרעמען; אויסגיסען די געפיהלען; אויסרעדען דאס הארץ; זיין זעהר סענטימענטאל; דאס ארויסברעכען מיט א שטראם; דאס אויסגיסען די געפיהלען.

gush'er *n.* (גאש'–ער) דאס וואס שטרעמט אדער פליסט שטארק; א שטראם פון נאפט; א פלוצליכער אויסברוך פון געפיהלען.

gush'ing *a.* (גאש'–אינג) וואס פליסט אדער שטרעמט זעהר העפטיג; וואס ברעכט אויס מיט א שטראם; סענטימענטאל.

gush'ingly *adv.* (גאש'–אינג–לי) ארויסברעכענד מיט א שטראם; דורך א העפטיגער פליסונג; אויף א סענטימענטאלען שטייגער.

gush out (גאש אוט) אויסגיסען, אויסשטראמען; ארויספליסען; אויסגיסען דאס הארץ.

gus'set *n. and v.* (גאס'–עט) א צוויקעל

אדער דריי-עקיגער קליין וואס ווערט אריינגענעהט אין א קלייד אדער העמד; אריינגנעהען א צוויקעל, מאכען מיט א צוויקעל אדער קליין.

gust *n.* (גאסט) א גוסט, א געשמאק; פערגניגען; בעפרידיגונג; א פלעצליכער ווינד-שטויס; אן אויסברוך.

gusta'tion *n.* (גאס-טיי'-שאן) דאס פערזוכען; דער טעם; דער חוש הטעם.

gus'tative *a.* (גאס'-טע-טיוו) וואס איז שייך צום טעם אדער צום חוש הטעם.

gus'tatory *a.* (גאס'-טע-טא-רי) ז. ***gustative***.

gust'ful *a.* (גאסט'-פול) געשמאק; בעגלייטעט מיט פלעצליכע ווינד-שטויסע אדער אויסברוכען [ווי פון ליידענשאפט].

gus'to *n.* (גאס'-טאו) געשמאק, גוסט; עדעלער געשמאק; ארטיסטישע ערפילונג; ארטיסטישער סטיל.

gusto'so *a.* (גוס-טאו'-סא) מיט געשמאק [א מוזיקאלישער אויסדרוק].

gus'ty *a.* (גאס'-טי) בעגלייטעט מיט פלעצליכע ווינד-שטויסען; ווינדיג, שטורעמדיג; אויפגערעגט; וואס ווערט שנעל אויפגערעגט.

gut *n. and v.* (גאט) דער דארם-קאנאל, די געדערים, דער מאגען, דאס איינגעווייד [ביי חיות]; דאס צעלען-געוועב אדער די אדערען פון די געדערים; די בעארבייטע קישקעס און געדערים פון חיות; א שמאלער דורכגאנג; א שמאלער וואסער-קאנאל; א לאנגע שמאלע בוכטע; א שמאלער וואסער-וועג; ארויסנעהמען די געדערים; אויסלעדיגען, אויסרויבען.

gut'-bel'ly *n.* (גאט'-בעל'-אי) א גראבער בויך, א טרעלבוך.

guts *n.* (גאטס) די קישקעס.

guts and gar'bage (גאטס ענד גאר'-בעדזש) גור גוף, א טרעלבוך.

gut'-scra'per *n.* (גאט'-סקריי'-פער) א פיעדעל-קראצער, א כלי-זמר.

gut'-string *n.* (גאט'-סטרינג) סטרונעס [געמאכט פון די קישקעס פון שאף אדער ציעגען].

gut'ta *n.* (גאט'-א) א טראפען; אין ארכיטעקטור — טראפען-עהנליכע פערציערונגען; אין זאאלאגיע — א טראפען-עהנליכער פלעק אדער פינטעל; גומי, גוטאפערטשא.

Gutta

gut'ta-per'cha *n.* (גאט'-א-פויר'-טשא) גוטאפערטשא [א מין גומי].

gut'tate *a.* (גאט'-אייט) וואס בעשטעהט פון טראפען אדער טראפען-עהנליכע טיילען; בעשפרענקעלט ווי מיט טראפען; וואס האט טראפען-עהנליכע פלעקען.

gut'tated *a.* (גאט'-איי-טעד) ז. ***guttate***.

gutta'tion *n.* (גא-טיי'-שאן) דאס טריפען, דאס פאלען אין טראפען.

gut'ted *a.* (גאט'-עד) וואס האט געדערים; מיט אויסגעשניטענע געדערים.

gut'ter *n. and v.* (גאט'-ער) א רינע, א דאך-רינע; א קאנאווע; א פערטיעפונג, א קנייטש; אין דרוקעריי — א שטיק האלץ אדער מעטאל אין מיטען פון דעם ראהם, אין וועלכען דרוק-זאץ ווערט איינגעשלאסען; איינער וואס נעהמט ארויס דאס איינגעווייד פון פיש, ווען מען פערפארטיגט זיי צום קאנזערווירען; איינגראבען, איינשניידען; בעזארגען מיט רינעס; טריפען, זיך שמעלצען [וועגען א ליכט]; שלינגען, עסען מיט זשעדנעקייט.

gut'ter-bred *a.* (גאט'-ער-ברעד) זיך אויפגעהאדעוועט אויף דער גאס.

gut'ter-chan'ter *n.* (גאט'-ער-טשענ'-טער) א גאסען-זינגער.

gut'ter-hotel' *n.* (גאט'-ער-הא-טעל') א שפייז-ביידעל.

gut'tering *n.* (גאט'-ער-אינג) דאס מאכען רינעס אדער קאנאלען; א רינע, א סיסטעם פון רינעס אדער קאנאלען; מאטעריאל פאר רינעס.

gut'ter-lane *n.* (גאט'-ער-ליין) די שפייז-רעהר.

gut'ter-prow'ler *n.* (גאט'-ער-פראו'-לער) א גאסען-רויבער, א וועג-רויבער.

gut'ter-snipe *n.* (גאט'-ער-סנאיפ) א שמאטעס-קלייבער; א גאסען-קינד; פלאקאטען [אפישען] אויפגעקלעפט אויף די שטיינער ביי דער זייט פון א גאס אדער א וועג.

gut'ter-stick *n.* (גאט'-ער-סטיק) אין דרוקעריי — א שטיקעל האלץ אדער מעטאל אין מיטען פון דעם ראהם, אין וועלכען דרוקזאץ ווערט איינגעשלאסען.

guttif'erous *a.* (גא-טיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס גומי [וועגען פלאנצען].

gut'tiform *a.* (גאט'-אי-פארם) טראפען-עהנליך, טרעהרען-עהנליך.

gut'tle *v.* (גאטל) פערשלינגען, פערשלוקען, פרעסען.

gut'tler *n.* (גאט'-לער) א פערשלוקער, א פרעסער, א טריפה'נער האלז.

gut'tling *n.* (גאט'-לינג) ז. ***guttler***.

gut'tural *a. and n.* (גאט'-א-רעל) וואס קומט פון קעהל [האלז]; וואס ווערט ארויסגעשפראכען פון קעהל; א קעהל-קלאנג [א קלאנג אדער בוכשטאב וואס ווערט ארויסגעשפראכען פון האלז ווי א "ה", א "ח" א. ד. ג.].

gut'turalize *v.* (גאט'-א-רעל-איז) ארויסרעדען פון קעהל [וועגען קלאנגען אדער בוכשטאבען].

gut'turally *adv.* (גאט'-א-רעל-אי) ארויסרעדענדיג פון קעהל [קלאנגען אדער בוכשטאבען].

gut'turalness *n.* (גאט'-א-רעל-נעס) דאס ארויסגערעדט ווערען פון קעהל [וועגען קלאנגען אדער בוכשטאבען].

gut'tural sound (גאט'-א-רעל סאונד) א קעהל-קלאנג [ווי די קלאנגען "ג", "ח" א. ד. ג.].

gut'turize *v.* (גאט'-א-ראיז) ארויסרעדען פון קעהל [ווי א קעהל-קלאנג].

guy *n. and v.* (גאי) א שטריק אדער קאנאט, וועלכער דיענט צו פערפעסטיגען אדער האלטען אין א גלייכער פאזיציאן א זאך [ווי די שטריק וועלכע דערלאזט ניט א זאך, וואס ווערט ארויפגעהויבען אדער ארונטערגעלאזען, אז זי זאל זיך אומשאקלען אהער און אהין]; האלטען א זאך אין א גלייכער פאזיציאן דורך אן אנגעצויגענעם שטריק; א מענש וואס איז העסליך אדער לעכערליך, לויט זיין קליידונג אדער מאניערען; אבלאכען, מאכען חוזק פון איינעם.

guz'zle *v. and n.* (גאזל) זויפען, שכור'ען; שנאפס, משקה; א הוליאנקע, פרעסעריי און זויפעריי.

guz'zler *n.* (גאז'-לער) א זויפער, א שכור.

gwin'iad *n.* (גהווינ'-אי-עד) א קליינער ים-פיש עהנליך צו א הערינג. זיין פלייש איז ווייס און ווערט געברויכט צום עסען.

gymna'sial *a.* (דזשים-ניי'-זי-על) וואס איז שייך צו א גימנאזיום; וואס איז שייך צו קלאסישער בילדונג [אין געגענזאץ צו טעכנישער].

gymna'siarch *n.* (דזשים-ניי'-זי-ארק) אין אלט-גריכענלאנד — דער גימנאזיארך, דער אויפזעהער פון א גימנאסטיק-פלאץ און עפענטליכע וועט-שפיעלען.

gymna'sium *n.* (דזשים-ניי'-זי-אם) א גימנאזיום, א קלאסישע מיטעל-שוהל; אן ארט אדער געביידע וואו מען לערענט זיך גימנאסטיק און וואו עס ווערען געמאכט אטלעטישע איבונגען; אין אלט-גריכענלאנד — דער פלאץ וואו עס פלעגען פארקומען עפענטליכע אטלעטישע איבונגען.

gym'nast *n.* (דזשים'-נעסט) א לעהרער פון גימנאסטיק [קערפערליכע איבונגען]; א גימנאסט, איינער וואס מאכט גימנאסטיק.

gymnas'tic *a. and n.* (דזשים-נעס'-טיק) גימנאסטיש; וואס איז שייך צו אטלעטישע איבונגען; וואס איז שייך צו די אינטעלעקטועלע איבונגען כדי צו דיסציפלינירען און שארפען דעם מח; גימנאסטיק, אטלעטישע איבונגען; אינטעלעקטועלע גימנאסטיק, פלפול.

gymnas'tically *adv.* (דזשים-נעס'-טי-קעל-אי) גימנאסטיש, אויף א גימנאסטישער ארט.

gymnas'ticize *v.* (דזשים-נעס'-טי-סאיז) מאכען גימנאסטיק אדער אטלעטישע איבונגען.

gymnas'tic poles (דזשים-נעס'-טיק פאולז) די שטאנגען צו מאכען גימנאסטיק.

gymnas'tics *n.* (דזשים-נעס'-טיקס) גימנאסטיק [קונציגע קערפערליכע איבונגען].

gym'nic *a. and n.* (דזשים'-ניק) גימנאסטיש; גימנאסטיק.

gym'nical *a.* (דזשים'-ני-קעל) גימנאסטיש.

Gymnos'ophist *n.* (דזשים-נאס'-א-פיסט) א גימנאסאף, איינער פון א סעקטע פון אלט-אינדישע פילאזאפען, וועלכע האבען זיך ענטזאגט פון אלע תאוות פון לעבען און האבען געוואהנט אין וועלדער, אבגעזונדערט איינע פון די אנדערע און פון דער גאנצער וועלט, פערברייננענדיג די גאנצע צייט אין תעניתים, סגופים און מיסטישען דענקען.

gymnos'ophy *n.* (דזשים-נאס'-א-פי) גימנאסאפיע, די לעהרען און אויפפיהרונגען פון די גימנאסאפען. ז. ***Gymnosophist***.

gym'nosperm *n.* (דזשים'-נא-ספוירם) א פלאנצע מיט א נאקעטען זאמען [איינע פון דעם קלאס פלאנצען, ביי וועלכע די זאמען זיינען ניט בעהאלטען אין א שיידעל].

gymnosper'mous *a.* (דזשים-נא-ספויר'-מאס) מיט נאקעטע אדער אונבעדעקטע זאמען-קערנער.

gymno'tus *n.* (דזשים-נאו'-טאס) אן עלעקטרישער אאל-פיש [א מין אאל-פיש וואס לאזט פון זיך ארויס עלעקטרישע שטראמען].

gyn'æcarchy *n.* (דזשינ'-אי-קאר-קי) פרויען-הערשאפט; דאס מוטער-רעכט ביי די פארצייטיגע פעלקער.

gynæce'um *n.* (דזשינ-אי-סי'-אם) אין אלטען גריכענלאנד — דאס גינעקעאם, די

אבטיילונג פון הויז פאר די פרויען; די פרויען=אבטיילונג פון א הויז דארטען, וואו די געשלעכטער לעבען אבגעזונדערט [ווי למשל, דער הארעם ביי די מוסולמאנער]; דער ווערקשטאט וואו מען פלעגט מאכען קליידער פאר דעם רוימישען קייזער.

gynæ'cian *a.* (דזשי-ני'-שיען) וואס איז שייך צו פרויען.

gynæ'cic *a.* (דזשי-ני'-סיק) וואס איז שייך צו פרויען=קראנקהייטען.

gynæci'um *n.* (דזשינ-אי-סי'-אם) ז. *gynæceum*

gynæcoc'racy *n.* (דזשינ-אי-קאק'-רע-סי) פרויען=הערשונג.

gyn'æcocrat *n.* (דזשינ'-אי-קא-קרעט) איינער וועלכער אונטערשטיצט אדער פערטיידיגט פרויען=הערשונג.

gyn'æcocrat'ic *a.* (דזשינ'-אי-קא-קרעט'-איק) גינעקאקראטיש אדער מאטריארכאליש; ארגאניזירט אויף די פרינציפען און רעגעלען פון מאטריארכאט אדער פרויען=הערשונג.

gynan'drian *a.* (דזשי-נענ'-דרי-ען) אין באטאניק — וואס בעלאנגט צו די טומטום=פלאנצען [די פלאנצען, ביי וועלכע דאס מענליכע און ווייבליכע געשלעכט זיינען אויף איין שטענגעל].

gynandrocrat'ic *a.* (דזשי-נענ-דרא-קרעט'-איק) גינאנדראקראטיש, וואס ווערט בעהערשט פון מענער און פרויען אויף א גלייכען אופן; וואו עס איז ניטא קיין סאציאלער און פאליטישער אונטערשיעד צווישען מענער און פרויען.

gyn'archy *n.* (דזשינ'-אר-קי) גינארכיע, פרויען=הערשונג, ווייבער=רעגיערונג.

gyn'ecarchy *n.* (דזשינ'-אי-קאר-קי) ז. *gynæcarchy*

gyne'cian *a.* (דזשי-ני'-שיען) ז. *gynæcian*

gyne'cic *a.* (דזשי-ני'-סיק) ז. *gynæcic*

gynecoc'racy *n.* (דזשינ-אי-קאק'-רע-סי) ז. *gynæcocracy*

gyn'ecocrat *n.* (דזשינ'-אי-קא-קרעט) ז. *gynæcocrat*

gynecocrat'ic *a.* (דזשינ-אי-קא-קדעט'-איק) ז. *gynæcocratic*

gynecolog'ical *a.* (דזשי-ני-קא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו גינעקאלאגיע אדער דער וויסענשאפט וועגען פרויען=קראנקהייטען.

gynecol'ogist *n.* (דזשינ-אי-קאל'-א-דזשיסט) א גינעקאלאגיסט, איינער וואס איז א ספעציאליסט אין פרויען=קראנקהייטען.

gynecol'ogy *n.* (דזשינ-אי-קאל'-א-דזשי) גינעקאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען פרויען=קראנקהייטען.

gynecrat'ic *a.* (דזשינ-אי-קרעט'-איק) ז. *gynæcocratic*

gyneoc'racy *n.* (דזשינ-אי-אק'-רע-סי) ז. *gynæcocracy*

gyneol'atry *n.* (דזשינ-אי-אל'-ע-טרי) גינעאלאטריע, די פערגעטערונג פון פרויען.

gyner'hopy *n.* (דזשי-נער'-א-פי) דער צושטאנד פון א מין פון חיות אדער פלאנצען ווען אין דעם משך פון דורות ווערט דאס ווייבליכע געשלעכט פון דיזען מין מעהר אונטערשיעדען פון די פארפאטערס איידער דאס מענליכע געשלעכט.

gyp *n. and v.* (דזשיפ) א וועכטער אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט, אין ענגלאנד; א בעטריגער; א שווינדלער, א שווינדלערישער פערד=הענדלער; שווינדלען, בעטריגען.

gyp'seous *a.* (דזשיפ'-סי-אס) וואס האט די אייגענשאפטען פון גיפס; וואס איז ענהליך צו גיפס; וואס האט א גאנץ מאטען גרוי=ווייסען קאליר [וועגען פלאנצען].

Gyp'sey *n. and a.* (דזשיפ'-סי) ז. *Gipsy*

gypsif'erous *a.* (דזשיפ-סיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס גיפס.

gyp'sine *a. and n.* (דזשיפ'-סין) וואס האט די אייגענשאפטען פון גיפס; וואס איז ענהליך צו גיפס; אזא פייער=זיכערער געמישטער שטאף פון ליים, זאמד און אסבעסט פון וועלכען עס ווערען געמאכט ציעגעל צום בויען הייזער; אזא פולווער וואס ווערט געברויכט נעגען אינזעקטען, וועלכע שעדיגען פלאנצען.

gyp'sum *n.* (דזשיפ'-סאם) גיפס.

Gyp'sy *n.* (דזשיפ'-סי) ז. *Gipsy*

gy'ra *n.* (דזשאי'-רא) א רייך בעציערטער ברעג פון א קלייד [אין מיטעלאלטער ביי די גלחים].

gy'ral *a.* (דזשאי'-רעל) וואס דרעהט זיך אין א קרייז; דרעהענד אין דער רונד; וואס איז שייך צו די רונדונגען אדער קנייטשען פון מארך.

gy'rant *a.* (דזשאי'-רענט) וואס דרעהט זיך אין דער רונד.

gy'rate *v. and a.* (דזשאי'-רייט) זיך דרעהען אין דער רונד; וואס דרעהט זיך אין דער רונד; אויסגעדרעהט, אויסגעקרימט [וועגען פלאנצען].

gyra'tion *n.* (דזשאי-ריי'-שאן) דאס דרעהען זיך אין דער רונד; א רונד=בעוועגונג, א קרייז=בעוועגונג.

gyra'tional *a.* (דזשאי-ריי'-שאנ-על) וואס האט א קרייז=בעוועגונג; וואס דרעהט זיך אין דער רונד.

gyre *n.* (דזשאיר) א קרייז=בעוועגונג; א קרייז, א רינג, א רונדונג; א מארך=רונדונג, א מארך=קנייטש.

gyr'falcon *n.* (דזשויר'-פאהקן) ז. *gerfalcon*

gy'ri *n.* (דזשאי'-ראי) די רונדונגען אדער קנייטשען פון מארך. ז. *gyrus*

gy'rograph *n.* (דזשאי'-רא-גרעף) א גיראגראף [אן אינסטרומענט צו פערצייכענען די אומדרעהונגען פון רעדער אין א מעכאניזם].

gyr'omancy *n.* (דזשיר'-א-מענ-סי) נביאות=זאגעריי דורך דרעהען זיך אין א קרייז [דער נביאות=זאגער דרעהט זיך אזוי לאנג ביז עס פערשווינדעלט איהם דער קאפ און ער פאלט און פון דעם אופן פון פאל ווערט עס בעשטימט די נביאות].

gy'ron *n.* (דזשאי'-ראן) א הערב מיט דריי=עקעדיגע צייכנונגען וועמעס שפיצען עס טרעפען זיך צונויף אין צענטער.

gy'roplane *n.* (דזשאי'-רא-פליין) אזא פליה=מאשין.

gy'roscope *n.* (דזשאי'-רא-סקאופ) א גיראסקאפ [אן אינסטרומענט צום אילוסטרירען די פיזיקאלישע געזעצען פון רונד=דרעהענדע בעוועגונגען].

Gyroscope

gy'roscope train (דזשאי'-רא-סקאופ טריין) אן אייזענבאהן אויף איין רעלסע [שינע].

gyroscop'ic *a.* (דזשאי-רא-סקאפ'-איק) וואס איז שייך צו א גיראסקאפ; וואס אילוסטרירט די פיזיקאלישע געזעצען פון רונד=דרעהענדע בעוועגונגען. ז. *gyroscope*

gy'rose *a.* (דזשאי'-ראוס) אויסגעבויגען אדער אויסגעדרעהט הין און הער [וועגען פלאנצען].

gy'rostat *n.* (דזשאי'-רא-סטעט) א גיראסטאט [אן אינסטרומענט אין דער פארם פון א דרעדעל אדער א גאר צום אילוסטרירען די געזעצען פון רונד=דרעהענדע בעוועגונגען].

House of Com'mons (האוס אוו קאמ'-אנז) די אונטערשטע פאלאטע אין ענגלי=שען פארלאמענט [דאס דעפוטאטען=הויז], אין געגענזאץ צו דער אויבערשטער פא=לאטע [לארדען=הויז].

house of correc'tion (האוס אוו קא-רעק'-שאן) א שטראף=אנשטאלט אדער גע=פענגניס [פאר ניט=וויכטיגע פערברעכער].

house of deten'tion (האוס אוו די-טענ'-שאן) אן ארעסט=הויז, וואו מען פער=האלט אן עדות [און אפט אויך בעשולדיג=טע] ביז'ן געריכט.

house of entertain'ment (האוס אוו ענ-טער-טיינ'-מענט) א גאסטהויז, אן אכסניא.

house of eter'nity (האוס אוו אי-טויר'-ני-טי) א בית=עולם, א בית=עלמין.

house of God (האוס אוו גאד) דאס גאטעס=הויז, א בית תפילה, א קירך.

house of Is'rael (האוס אוו איז'-רע-על) בית ישראל, דאס אידישע פאלק.

House of Lords (האוס אוו לארדז) דאס לארדען=הויז, די אויבערשטע פאלאטע פון דעם ענגלישען פארלאמענט.

house of of'fice (האוס אוו אפ'-איס) אן אבטרעט, א בית=הכסא; א שפייז=קאמער.

House of Peers (האוס אוו פיערז) ז. *House of Lords*.

house of pray'er (האוס אוו פרעהר) א בית=תפילה, א שוהל, א קירך.

house of ref'uge (האוס אוו רעפ'-יודזש) א הקדש, אן ארט וואו עס האלטען זיך אויף אביונים.

House of Represen'tatives (האוס אוו רעפ-רי-זענ'-טע-טיווז) דאס אונטער=שטע הויז פון קאנגרעס [פארלאמענט] אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע=ריקא.

house'-pain'ter *n.* (האוס'-פיינ'-טער) א הויז=מאלער, איינער וואס פארבט און דעקארירט הייזער.

house'-pig'eon *n.* (האוס'-פידזש'-אן) א הויז=טויב [צום אונטערשיעד פון א ווילדער טויב].

house'-room *n.* (האוס'-רוהם) פלאץ אין א הויז, גערוימקייט.

His home has plenty of **house-room**.

house'-spar'row *n.* (האוס'-ספער'-או) א שפערלינג, א וואראביי [א קליין, גרוי פויגעלע וואס האלט זיך נאהענט ארום מענשליכע וואהנונגען].

house'-spi'der *n.* (האוס'-ספאי'-דער) א הויז=שפין.

house'-staff *n.* (האוס'-סטעף) די שטענ=דיגע דאקטוירים און פעלדשארעס וואס גע=פינען זיך אין א האספיטאל.

house'-stew'ard *n.* (האוס'-סטיו'-ארד) איינער וואס פערוואלטעט די הויז=ווירטה=שאפט, אן עקאנאם.

house'-swal'low *n.* (האוס'-סהוואל'-או) די געוועהנליכע אייראפעאישע שוואלב.

house'top *n.* (האוס'-טאפ) דער שפיץ פון א הויז, דער דאך.

People watched the parade from the **house-tops**.

house'warming *n.* (האוס'-הוואהר-מינג) א חנוכת=הבית, א יום=טוב וואס א פאמיליע מאכט בענייענדיג א הויז.

house'wife *n.* (האוס'-הוואיף) א הויז=פרוי, א בעל=הבית'טע, א ווירטהין; א הויז=האלטערין; א נעה=קעסטעלע.

house'wifely *a. and adv.* (האוס'-הוואיפ-לי) וואס איז שייך אדער וואס כא=ראקטעריזירט א הויז=ווירטהין; מעשה בעל=הבית'טע.

house'wifery *n.* (האוס'-הוואיפ-רי) די בעשעפטיגונג פון א הויז=ווירטהין; די הויז=פערוואלטונג פון א פרוי.

house'work *n.* (האוס'-הוואירק) הויז=ארבייט; שטוביגע מלאכות.

hou'sing *n.* (האו'-זינג) דאס אריינגעה=מען אין א הויז; דאס געבען אן אבדאך; א שיצונג, בעדעקונג; אין טישלעריי — די פוגע, דער אויסשניט אין א ברעט אדער האלץ אריינצושטעלען אן אנ=דער ברעט אדער האלץ; אין ארכיטעק=טור — א נישע אדער פערטיעפונג אין א

וואנד, וואו עס שטעלט זיך א סטאטוע אדער אן אנדער ארנאמענט; א קאנאט פון א שיף, וואס איז צוזאמענגעדרעהט פון דריי בעזונדערע שטריק; דער לאגער פון א מאשין, וואו עס ליעגט דער ענד פון א זיך דרעהענדער אקס אדער וואל; די טיילען פון א מאשין, אין וועלכע דער לאגער איז איינגעפאסט; א דעקע, א פערציערטער צודעק; א פערד־דעקע.

hove (האווו) געהויבען, אויפגעהויבען. ז. ***heave***

hov'el *n. and v.* (האוו'־על) א פאוועט אדער א דאך אהן ווענד, וואו מען האלט פיה און מען לעגט אב סחורות זיי זאלען זיך ניט פערנעצען אונטער'ן רעגען; א קליין שטיבעל, א הייזקע; א חורבה; פערטרייבען פיה אונטער אן אבדאך; געבען אן אבדאך.

hov'eling *n.* (האווו'־על־אינג) א געוויסער אופן פון בויען קוימענס אז זיי זאלען ניט רויכערען; דער קוימען געבויט אויף אזא אופן.

hov'elling *n.* (האווו'־על־אינג) ז. ***hoveling***

hov'er *v.* (האווו'־ער) שוועבען, פלאטערען; פאטשען מיט די פליגלען; הענגען בעוועגענדיג זיך איבער עפעס; זיין אדער האלטען זיך צווישען [ווי צווישען לעבען און טויט]; זיך ארומדרעהען [ארום א פלאץ]; פארזיכטיג אדער צעגערענד ארומגעהן; בעשיצען אונטער די פליגלען.

hov'erer *n.* (האווו'־ער־ער) איינער וואס שוועבט, פלאטערט אדער דרעהט זיך ארום צעגערענד [ז. ***hover***]; א פלאץ צו האלטען ווארעם יונגע נור־וואס אויסגעבריהטע העהנדעלעך.

how *adv. and n.* (האו) ווי; ווי אזוי; אויף וועלכען אופן; פאר וועלכען פרייז; ווארום; דער אופן; דער שטייגער; די ארט.

howbe'it *adv.* (האו־בי'־איט) דאך; טראץ דעם; עס מעג זיין וואס עס וויל.

how'dah *n.* (האו'־דא) א ביידעל אויף אן עלפאנט.

how do you do? (האו דו יו דו) וואס מאכט איהר? ווי איז אייער געזונד?

how'dy *int.* (האו'־די) א פערקירצונג פון די ווערטער ***how do you do***

how'dy-do' *n.* (האו'־די־דו') א בעגריסונג [ז. ***howdy***]; אן אונערווארטעטע צרה אדער פערלעגענהייט.

how'el *n. and v.* (האו'־על) א באנדאר־הובעל, א באנדאר־געצייג צו מאכען גלאט א פעסעל; מאכען גלאט מיט דער הילף פון א באנדאר־הובעל.

howev'er *adv. and c.* (האו־עוו'־ער) ווי אויך [ווי עס זאל אויך ניט זיין]; פון דעסטוועגען; דאך.

I am delayed. However I shall be able to complete my work.

how fare you? (האו פעהר יו) וואס מאכט איהר? ווי געהט עס?

how'itzer *n.* (האו'־איט־סער) די האוביצע [א מין קורצער הארמאט].



Howitzer

howl *v. and n.* (האול) [ווי א וואיען] הונד אדער א וואלף]; ברילען; קלאגען; דאס וואיען; א קלאג־געשריי.

howl at (האול עט) בילען, האווקען אויף...

howl'er *n.* (האול'־ער) איינער וואס וואיעט אדער ברילט; די ברילאפע [אן אבעזיאנע, וואס געפינט זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא און וועלכע וואיעט זעהר הויך].



Howler

how'let *n.* (האו'־לעט) די וואלד־אוילע אדער סאווע [א מין נאכט־פויגעל].

howl'ing *a.* (האול'־אינג) 1. וואיענדיג, שרייענדיג, ברילענדיג; זעהר הויך [לויט]; 2. גוואלדיג, אונגעהייער.

2. The picnic was a howling success.

how much? (האו מאטש) וויפיעל קאסט עס? וואס איז דער פרייז?

how'soev'er *adv.* (האו'־סא־עוו'־ער) ווי עס זאל אויך ניט זיין, אין וואס פאר אן ארט עס איז; אבוואהל; פון דעסטוועגען; יעדענפאלס; דאך.

hoy *n. and int.* (האי) אזא קליין טראנספארט־שיפעל; היי! היידא! [אן אויפרוף צו ציהען אימעצענס אויפמערקזאמקייט].

hoy'den *n., a. and v.* (האידן) ז. ***hoiden***

H. P. ראשי תבות פון ***horse-power***

H. R. ראשי תבות פון די ווערטער ***House of Representatives***

hub *n.* (האב) [דער מיטעלסטער טייל פון א ראד אין וועלכען עס ליעגט דער אקס]; א צענטראלער אדער וויכטיגער פונקט; א האלץ־קלעצעל אבצוהאלטען א ראד פון א וואגען; א קורצער אייזען־ראהר מיט איינגעשניטענע שרויפען פון ביידע ענדען פון אינוועניג כדי איהם צונויפצושרויפען מיט אנדערע רעהרען; א שטאהל־שטעמפעל צו מאכען מטבעות, מעדאלען א. ד. ג.; אן אינסטרומענט פון הארטען שטאהל צו מאכען שרויפען אדער געצייג מיט שרויפען; א ציעלצייכען צו וועלכען א דיסק ווערט געווארפען; א שטיעל אדער גריף פון א וואפע; אן ארויסשטארצונג.

Hub *n.* (האב) [ווערט באסטאן] די שטאדט באסטאן [אזוי גערופען הומאריסטיש צוליעב דעם וואס באסטאן רעכענט זיך אלס דער צענטער פון קולטור אין אמעריקא].

hub'-band *n.* (האב'־בענד) דער אייזערנער רינג וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף א נאבע פון א ראד [דער מיטעלסטער טייל פון א ראד וואו דער אקס ווערט אריינגעשטעלט].

Hub'bite *n.* (האב'־איט) א באסטאנער [אין א הומאריסטישען זין]. ז. ***Hub***

hub'ble *n.* (האבל) א קליין בערגעל, א גרודע.

hub'ble-bub'ble *n.* (האב'ל־באב'ל) א נעפילדער, א טומעל; אזא פיפקע [ליולקע] פאר טאבאק־רויכערער אין פערזיען און אינדיען.

Hubble-bubble

hub'bly *a.* (האב'־לי) שארטיג, גרודיג, פול מיט בערגלעך.

hub'bub *n.* (האב'־אב) א טומעל, א ליארם, א סומאטאכע.

hub'by *a. and n.* (האב'־אי) בערגעלדיג, גרודיג, שארטיג; מאנעלע [א ליעבלינגסנאמען פערקירצט פון ***husband***].

hub'-deep *a.* (האב'־דיעפ) איינגעזונקען ביז די אקסען.

huck'aback *n. and a.* (האק'־ע־בעק) אזא דיקער שארטיגער לייוונט אדער באוועל־שטאף וואס ווערט געברויכט פאר האנד־טיכער; וואס איז געמאכט פון דיעזען שטאף.

huck'le *n.* (האקל) א היפט; עטוואס וואס שטארצט ארויס ווי א היפט.

huck'le-backed *a.* (האק'ל־בעקט) מיט א הויקער, הארבאטע.

huck'leberry *n.* (האק'ל־בער־אי) די היידעל־בעערע [א מין שווארצע אדער רויטע יאגדעס מיט א בלוייליכען קאליר]; דער קוסט, אויף וועלכען עס וואקסען בלויע יאגדעס אדער היידעל־בעערע.

Huckleberry

huck'lebone *n.* (האק'ל־באון) דער היפטען אדער שפרונג־ביין.

huck'ster *n. and v.* (האק'־סטער) א קליין־הענדלער; איינער וואס האלט זיין גאנצע סחורה אויף די פלייצעס, אין א קעסטעל אדער אויף א וועגעל און שרייט אויס וועגען זיינע סחורות; פערקויפען סחורה אויף אזא אופן.

huck'stress *n.* (האק'־סטרעס) א סעדעכע, א מארק־פרוי.

hud'dle *v. and n.* (האדל) צוזאמענווארפען, אנווארפען אהן שום ארדנונג; גיך אבטהאן א זאך [ניט אבגעבענדיג זיך מיט די איינצעלהייטען]; שנעל ארויסווארפען אויף זיך עפעס; זיך דרענגען, זיך דריקען; א צונויפגעדרענגטע מאסע, א מענגע, א הויפען.

hud'dle in (האדל אין) אריינשטופען זיך.

hud'dle on (האדל אן) ארויפכאפען, ארויפווארפען [אויף זיך א קליידעל].

hud'dler *n.* (האד'־לער) איינער וואס ווארפט צונויף זאכען אהן א שום ארדנונג.

hud'dle up (האדל אפ) גיך אבטהאן, גיך אבענדיגען א זאך.

hue *n.* (היו) א פארב, א קאליר, א שאטירונג; א געשריי, א טומעלדיגער רעש פון פיעלע שטימען.

hue and cry (היו ענד קראי) א ליארם אדער א נעפילדער; דאס מאכען אן אלארם ביים נאכלויפען א פערברעכער; אין ענגלאנד — א געשריבענער אלארם־אויפרוף צו העלפען כאפען אן אנטלאפענעם פערברעכער.

hued *a.* (היוד) פון א בעשטימטען קאליר אדער קאליר־שאטירונג.



Fig. 4. Circulation of the Portal System.

(The Union of the veins of the stomach, intestines, spleen and pancreas with the trunk of the Portal Vein is covered by the stomach.)



Fig. 5. Circulation of the Blood in the Body (large circulation)

(The Viscera of the Portal System, Fig. 4, have been removed from the abdominal cavity.)

The red lines indicate the Arteries, the blue lines the Veins

BLOODVESSELS OF THE HUMAN BODY



Fig. 1. The Heart.
(Both Ventricles are opened.)



Fig. 2.
Auricles of the Heart.



Fig. 3. Pulmonary Circulation (small circulation).



hue'less *a.* (היו׳-לעס) אהן קאליר, אהן שאטירונג, בלאס.

hu'er *n.* (היו׳-ער) א פישער וואס שטעהט אויף דער וואך און גיט א סיגנאל ווען עס קומט אן א סטאדע הערינג אדער אנדערע פיש וואס וואנדערען אין מאסען אין געוויסע צייטען פון יאהר.

huff *v., n. and a.* (האף) זיך אנצינדען פון כעס, ארויס פון די כלים; זיין קאפריזנע; זיך אנבלאזען; ווערען גרויס ביי זיך, שטאלץ אדער חוצפה׳דיג; אנבלאזען, אויפבלאזען; בעהאנדלען גראב, מיט כעס אדער חוצפה׳דיג; אין שאלמאט-שפיעל — צונעהמען א פיגור; אין דאמקעס-שפיעל — צונעהמען ביים געגנער א פעש-קע אלס שטראף, ווען ער פערנאכלעסיגט צוצונעהמען יענעמס א פעשקע; — אן אויסברוך פון צארן; דאס ווערען שטאלץ, חוצפה׳דיג, קאפריזנע אדער שלעכט-געשטימט; אויפגעבלאזען, שטאלץ; צארנדיג, אין כעס; קאפריזנע.

huff and puff (האף ענד פאף) דונער-רען און שטורמען; גוואלדעווען און פילדערען.

huff'ily *adv.* (האפ׳-אי-לי) שטאלץ; אנגעבלאזען, קאפריזנע; אין כעס, חוצפה׳דיג.

huff'iness *n.* (האפ׳-אי-נעס) אנגעבלאזענקייט, שטאלץ, חוצפה; צארן, שלעכטע שטימונג, קאפריזנעקייט.

huff'ingly *adv.* (האפ׳-אינג-לי) ז. *huffily*

huff'ish *a.* (האפ׳-איש) ז. *huffy*

huff'ishly *adv.* (האפ׳-איש-לי) ז. *huffily*

huff'ishness *n.* (האפ׳-איש-נעס) ז. *huffiness*

huff'y *a.* (האפ׳-אי) אנגעבלאזען, שטאלץ, קאפריזנע, חוצפה׳דיג, אין כעס.

hug *v. and n.* (האג) ליעגען נאהענט איינער צום צווייטען; שטארק ארומנעהמען; שטארק זיך האלטען אן עפעס; זיך ארומטראגען מיט עפעס; אומארמונג.

hug a belief' (האג ע בי-ליעף׳) האלטען זיך פעסט אין א גלויבען, שטארק גלויבען אין עפעס.

huge *a.* (היודזש) זעהר גרויס, אונגעהייער, ריעזיג.

huge'ly *adv.* (היודזש׳-לי) אויף א גרויסען, אונגעהייערען, ריעזיגען שטייגער.

huge'ness *n.* (היודזש׳-נעס) אונגעהייערע גרויסקייט, גוואלדיגע גרויס.

hug'ger *n.* (האג׳-ער) איינער וואס נעהמט ארום אדער וואס אומארמט.

hug'ger-mug'ger *v., n. and a.* (האג׳-ער-מאג׳-ער) פערשטיקען עפעס; טהון עפעס אין געהיים; בעהעלטעניש, פערבארגענהייט; דאס האלטען אדער טהון עפעס אין געהיים; בעהאלטען, געהיים, ביטערע, הינטען-ארום; אהן ארדנונג, אהן טאלק.

hug in a sin (האג אין ע סין) זיין צוגעבונדען צו א תאוה.

hug one's self (האג הוואנז סעלף) אנקווועלען פון זיך אליין.

hug the land (האג טהי לענד) געהן ווי מעגליך נאהענט צום ברעג [ווענען א שיף].

hug the shore (האג טהי שאור) געהן ווי מעגליך נאהענט צום ברעג [ווענען א שיף].

Hu'guenot *n.* (היו׳-גע-נאט) א הוגענאט [א פראטעסטאנט פון דער קאלוויניסטישער ריכטונג אין פראנקרייך אין זעכצעהנטען און זיעבצעהנטען יאהרהונדערט. די הוגענאטען זיינען זעהר שטארק פערפאלגט געווארען אין פראנקרייך. אין דער נאכט פון 24טען אויגוסט 1572 איז אין פאריז געמאכט געווארען א גרויסע שחיטה אויף די הוגענאטען וועלכע איז בעקאנט אין דער געשיכטע מיט דעם נאמען די בארטהאלאמעאוס-נאכט].

Hu'guenotism *n.* (היו׳-גע-נאט-איזם) דער גלויבען און די פרינציפען פון די הוגענאטען. ז. *Huguenot*

hulk *n. and v.* (האלק) דער קערפער פון א שיף [אהן די מאסטען, שטריק און די איבריגע אויסריכטונגען]; אן אלטע, אבגענוצטע שיף [הויפטזעכליך אין ענגלאנד א שיף פאר ארעסטאנטען]; עטוואס וואס איז שווער און אומגעלומפערט; א שווערער, גרויסער, אומגעלומפערטער מענש.

hul'king *a.* (האל׳-קינג) שווער, גרויס, אומגעלומפערט.

hul'ky *a.* (האל׳-קי) ז. *hulking*

hull *n. and v.* (האל) די הילזע [די אויסערע בעדעקונג פון עפעס]; א שאלעכץ, א סטרוטשקע, א שויט [פון ארבעס אדער בעבלעך]; דער קערפער פון א שיף [אהן די שטריק-ווערק און מאסטען]; שיילען, לושטשען; דורכשיסען דעם קערפער פון א שיף.

hullabaloo' *n.* (האל-ע-בע-לוה׳) א געטומעל, א געשריי, א מהומה.

hull down (האל דאון) אזוי ווייט, אז מען זעהט נור ארויס די מאסטען [ווענען א שיף].

hulled bar'ley (האלד באר׳-לי) געררשטען-גרויפען.

hull'er *n.* (האל׳-ער) איינער אדער עטוואס וואס שיילט אדער נעהמט אראב די שאלעכץ; א מאשין צו רייניגען באוועלפלאנצען.

hull'er-gin *n.* (האל׳-ער-דזשין) א מאשין צו רייניגען באוועל-פלאנצען.

hull'-gull *n.* (האל׳-גאל) אזא קינדער-שפיעל וואס בעשטעהט אין דעם וואס מען דארף טרעפען וויפיעל זאכען איינער האט אין דער פערמאכטער האנד.

hull'ing-machine' *n.* (האל׳-אינג-מע-שין׳) א מאשין וואס נעהמט אראב די שאלעכץ פון תבואה-קערנער; א גרויפען-מאשין.

hull'ing-mill *n.* (האל׳-אינג-מיל) א גרויפען-מיהל.

hullo' *int.* (הא-לאו׳) ז. *hello*

hull'y *a.* (האל׳-אי) וואס איז בעדעקט מיט א שאלעכץ אדער שויט.

hum *v., n. and int.* (האם) זשומען, זשוזשען [ווי א בין]; מורמלען; אונטערברומען; צעגערען אין ריידען, המ׳קען; זיך זאאיקען, שטאמלען; אבנארען; א זשומען, א זשוזשען, א געמורמעל; בעטרוג, נארעריי; הם!

hu'man *a. and n.* (היו׳-מען) מענשליך; א מענש.

hum and haw (האם ענד האה) מאכען איינוועגדונגען; זיך זאאיקען; זיין אונענטשלאסען.

humane' *a.* (היו-מיין׳) מענשליך, גוטהערציג; הומאניטאר, וואס מאכט מענשליכער, בעסער [הויפטזעכליך ווענען דער שעהנער ליטעראטור, פילאלאגיע און קלאסישער ליטעראטור].

humane' lear'ning (היו-מיין׳ לוירנינג) הומאניטארע וויסענשאפטען; די קלאסישע [גריכישע און רוימישע] שפראכען און ליטעראטור. ז. *humane*

humane'ly *adv.* (היו-מיינ׳-לי) מיט מענשליכקייט, מיט גוטהארציגקייט, הומאניטאר.

humane'ness *n.* (היו-מיינ׳-נעס) מענשליכקייט, גוטהארציגקייט.

hu'man-hear'tedness *n.* (היו׳-מען-הארט׳-עד-נעס) מענשליכקייט, גוטסקייט.

humanisa'tion *n.* (היו-מען-אי-זיי׳-שאן) ז. *humanization*

hu'manise *v.* (היו׳-מען-איז) ז. *humanize*

hu'maniser *n.* (היו׳-מען-אי-זער) ז. *humanizer*

hu'manism *n.* (היו׳-מען-איזם) מענשליכקייט, הומאניטעט; הומאניזם, קלאסישע בילדונג און קולטור [צו ענדע פון 15טען יאהרהונדערט, ווען אין אייראפא האט צוריק אויפגעבליהט די קלאסישע בילדונג און קולטור].

hu'manist *n. and a.* (היו׳-מען-איסט) א הומאניסט, איינער וואס שטודירט די קלאסישע [אלט-רוימישע און אלט-גריכישע ליטעראטור]; איינער וואס שטודירט די מענשליכע נאטור; הומאניסטיש.

humanis'tic *a.* (היו-מע-ניס׳-טיק) וואס איז שייך צו דער מענשהייט אדער מענשליכקייט; הומאניסטיש. ז. *humanism*

humanis'tically *adv.* (היו-מע-ניס׳-טי-קעל-אי) מיט מענשליכקייט, מיט גוטהערציגקייט; הומאניסטיש. ז. *humanism*

humanita'rian *n. and a.* (היו-מען-אי-טיי׳-רי-ען) א הומאניטאריער, א וואהלטהעטער, א פילאנטראפ; א קריסט וואס גלויבט נים אין קריסטוס׳עס געטליכער אבשטאמונג, אן אוניטאריער.

humanita'rianism *n.* (היו-מען-אי-טיי׳-רי-ען-איזם) הומאניטארישע פרינציפען, מענשען-ליעבע; וואהלטהעטיגקייט, פילאנטראפיע; די לעהרע אז קריסטוס איז געווען א בשר-ודם און נים גאט׳ס זוהן.

human'ity *n.* (היו-מענ׳-אי-טי) מענשליכקייט; מענשהייט; מענשען-ליעבע, הומאניטעט; דאס שטודירען די מענשליכע נאטור; דאס שטודירען די הומאניטארע ליטעראטור [די שעהנע ליטעראטור, די קלאסישע ליטעראטור, פילאלאגיע, גראמאטיק און רעטאריק].

humaniza'tion *n.* (היו-מען-אי-זיי׳-שאן) פערמענשליכונג, פערעדלונג.

hu'manize *v.* (היו׳-מען-איז) פערמענשליכען, פערפיינערען, פערעדלען; אויסגעעדעלט ווערען, מענשליכער ווערען.

hu'manized lymph (היו׳-מען-איזד לימף) ז. *humanized vaccine*

hu'manized vac'cine (היו׳-מען-איזד וועק׳-סין) פאקען-שטאף גענומען פון מענשליכע פאקען [נים פון בהמות].

hu'manizer *n.* (היו׳-מען-אי-זער) איינער וואס עדעלט אויס, בילדעט אויס, מאכט מענשליכער.

hu'mankind *n.* (היו׳-מען-קאינד) די מענשהייט, דאס מענשען-געשלעכט.

hu'manly *adv.* (היו׳-מען-לי) מענשליך; לויט מענשליכע בעגריפען, גלויבען, געוועהנהייטען א. ז. וו.

hu'manness *n.* (היו׳-מען-נעס) מענשליכקייט, דאס זיין מענשליך.

hu'man race (היו׳-מען רייס) דאס מענשען-געשלעכט.

hu'man skel'eton (היו'-מען סקעל'-ע-טאן) א סקעלעט פון א מענשען.

Humane' Soci'ety (היו'-מיין' סא-סאי'-ע-טי) א צער-בעלי-חיים געזעלשאפט.

hu'man spe'cies (היו'-מען ספיע'-שיעז) דאס מענשליכע געשלעכט.

huma'tion *n.* (היו-מיי'-שאן) די בעערדיגונג, דאס ברייגנען צו קבורה.

hum a tune (האם ע טיון) אונטערברומען א ניגון.

hum'bird *n.* (האם'-בוירד) ז. *humming-bird*.

hum'ble *a. and v.* (האמבל) נידריג; דעמיטהיג; עניוות'דיג; בעשיידען; פשוט, ניט וויכטיג; געהארכזאם, אונטערטעניג; ערנידריגען, דעמיטהיגען.

hum'ble-mouthed *a.* (האמ'בל-מאוטהט) בעשיידען, עניוות'דיג, ערנידריגט [אין רעדען].

hum'bleness *n.* (האמ'בל-נעס) נידריגקייט, דעמיטהיגקייט; עניוות; בעשיידענהייט; פשוט'קייט, ניט וויכטיגקייט; אונטערטעניגקייט, געהארכזאמקייט.

hum'ble-pie *n.* (האמ'בל-פאי) א נעבעקס געמאכט מיט פלייש פון די איינגעווייד פון א הירש.

hum'ble-plant *n.* (האמ'בל-פלענט) די זינפלאנצע אדער די ריהר-מיך-ניט-אן-פלאנצע.

hum'bler *n.* (האמ'-בלער) אן ערנידריגער; איינער אדער עטוואס וואס ערנידריגט.

hum'bler clas'ses (האמ'-בלער קלעס'-עז) די אונטערשטע קלאסען פון פאלק.

hum'bles *n.* (האמבלז) די איינגעווייד פון א הירש.

hum'ble ser'vant (האמבל סויר'-וועגט) אונטערטעניגסטער דיענער, געהארכזאמער דיענער [ווי עס ווערט אמאל געשריבען ביים שלוס פון א בריעף פאר דער אונטערשריפט].

hum'bling *n.* (האמ'-בלינג) ערנידריגונג; דאס רוישען, דאס זשומען, דאס מורמלען.

hum'blingly *adv.* (האמ'-בלינג-לי) מיט הכנעה, מיט אונטערטעניגקייט, מיט ערנידריגונג.

hum'bly *adv.* (האמ'-בלי) מיט עניוות, אהן שטאלץ, מיט ערנידריגונג, געהארכזאם, אונטערטעניג.

hum'bug *n. and v.* (האמ'-באג) א שווינדעל, א ליגען, א בעטרוג; א ליגנער, א שארלאטאן; בעשווינדלען, אבנארען, בעטריגען.

hum'buggery *n.* (האמ'-באג-ער-אי) שווינדעל, בעטרוג, פאלשקייט.

hum'drum *a., n. and v.* (האמ'-דראם) איינארטיג, מיט איינעם און דעמזעלבען שטייגער; אהן שום פערענדערונגען; נודנע; א נודנער געשפרעך; נודנעקייט; איינארטיגקייט; פערברייגנען די צייט אויף א לאנגווייליגען שטייגער.

humecta'tion *n.* (היו-מעק-טיי'-שאן) די בעפייכטונג, די בענעצונג.

hu'mefy *v.* (היו'-מי-פאי) ווייך מאכען, פייכט מאכען.

hu'meral *a.* (היו'-מע-רעל) וואס געהערט צו דעם שולטער אדער צו דער פלייצע.

hu'merus *n.* (היו'-מע-ראס) דער שולטער-ביין, דער פלייצע-ביין.

hum'hum *n.* (האמ'-האם) גראבער אינדישער לייווענד.

hu'mic *a.* (היו'-מיק) וואס בעקומט זיך פון הומוס אדער דאס-ערד. ז. *humus*.

hu'mid *a.* (היו'-מיד) פייכט, נאס.

humid'ity *n.* (היו-מיד'-אי-טי) די פייכטקייט, נאסקייט; אין מעטעאראלאגיע — די גרויס פון פייכטקייט אין דער אטמאספערע.

hu'midness *n.* (היו'-מיד-נעס) פייכטקייט, נאסקייט.

hu'midor *n.* (היו'-מי-דאהר) אזא קעסטעל, אין וועלכען מען האלט ציגארען זיי זאלען ניט פערטריקענט ווערען.

humid'ostat *n.* (היו-מיד'-א-סטעט) אזא פארט-סיגאר, וועלכער ענטהאלט אין זיך א פייכטען מאטעריאל, כדי די ציגארען זאלען ניט פערטריקענט ווערען.

hu'mifuse *a.* (היו'-מי-פיוס) אין באטאניק — וואס פערשפרייט זיך איבער'ן באדען; קריכענד [וועגען געוויסע פלאנצונגען].

humil'iate *v.* (היו-מיל'-אי-אייט) ערנידריגען; דעמיטהיגען.

humil'iating *a.* (היו-מיל'-אי-איי-טינג) ערנידריגענד; דעמיטהיגענד.

humilia'tion *n.* (היו-מיל-אי-איי'-שאן) ערנידריגונג; דעמיטהיגונג.

humil'ity *n.* (היו-מיל'-אי-טי) די זעלבסט-ערנידריגונג, עניוות; אונטערגעווארפענקייט, געהארכזאמקייט.

hum'mel *v.* (האמ'-על) וועהען געגרשטען [אברייניגען די קערנער פון דער איינהילונג].

hum'mer *n.* (האמ'-ער) א זשומזשער, א זשוזשער, א מורמלער; איינער וואס שטייגט אריבער אלע אנדערע, ספעציעל אין שנעלקייט אדער פלינקקייט; א זשום-פויגעלע אדער קאליברי; אן ארט טעלעפאן-גלעקעל, וואס זשוזשעט אנשטאט קלינגען.

hum'ming *n. and a.* (האמ'-אינג) דאס זשוזשען, דאס זשומזשען, דאס מורמלען; וואס זשוזשעט, וואס מורמעלט.

hum'ming-bird *n.* (האמ'-אינג-בוירד) דאס זשום-פויגעלע [איינס פון דעם מין קלייניגקע פויגעלעך, ווי די קאליברי א. ד. ג. וועלכע זשומען ווי פליגען דורך דער שנעלער בעוועגונג פון זייערע פליגלען].



Humming-bird

hum'mock *n.* (האמ'-אק) א בערגעל; נידריגע בערגלעך בעוואקסען מיט וואלד; קריהעס אדער אייז-בערגלעך, וואס הויבען זיך אויף איינע אויף די אנדערע.

hum'mocky *a.* (האמ'-אק-אי) פול מיט בערגלעך.

hum'mum *n.* (האמ'-אם) א טערקישע באד, א שוויץ-באד.

hu'mor *n. and v.* (היו'-מאר) פייכטקייט, נאסקייט; דער פליסיגער שטאף פון א לעבעדיגען קערפער [ווי בלוט, גאל א. ד. ג.]; דאס געמיטה, די ארט פון פיהלונג; די שטימונג; א קאפריז, אן איינפאל; הומאר [די פעהיגקייט צו בעמערקען און איבערגעבען די לעכערליכע זייט פון עפעס]; שפאס, וויציגקייט; בעוויליגען, בעפרידיגען, טהאן א געפעליגקייט; נאכגעבען א קאפריז אדער תאוה; צופאסען; זיך ריכטען נאך עפעס.

hu'moral *a.* (היו'-מאר-על) וואס געהערט צו אדער נעהמט זיך פון די פליסיגקייטען אין קערפער.

hu'moralism *n.* (היו'-מאר-על-איזם) דאס בעלאנגען אדער דאס בעקומען זיך פון די פליסיגע שטאפען אין קערפער; די לעהרע, אז אלע קראנקהייטען נעהמען זיך פון א געוויסען צושטאנד פון די פליסיגע שטאפען אין קערפער.

hu'morism *n.* (היו'-מאר-איזם) אין מעדיצין — די טעאריע דאס א קראנקהייט ווערט פעראורזאכט דורך פערדארבענע פליסיגקייטען אין קערפער; די מאניערען, נייגונגען אדער פעהיגקייטען פון א הומאריסט.

hu'morist *n.* (היו'-מאר-איסט) א הומאריסט, א שפאס-טרייבער, א וויצלינג.

humoris'tic *a.* (היו-מאר-איס'-טיק) הומאריסטיש, וויציג.

hu'morless *a.* (היו'-מאר-לעס) אהן הומאר, אהן לעבעדיגקייט; לאנגווייליג.

hu'morous *a.* (היו'-מאר-אס) קאפריזנע, איינגענזיניג; שפאסיג, וויציג.

hu'morously *adv.* (היו'-מאר-אס-לי) אויף א הומאריסטישען שטייגער; אויף א וויציגער, שפאסיגער ארט.

hu'morousness *n.* (היו'-מאר-אס-נעס) קאפריזנעקייט; פרעהליכקייט; שארפזיניגקייט, וויציגקייט; נייגונג צו טרייבען קאטאוועס.

hu'morsome *a.* (היו'-מאר-סאם) ז. *humorous*.

hu'morsomely *adv.* (היו'-מאר-סאם-לי) ז. *humorously*.

hu'mous *a.* (היו'-מאס) וואס איז שייך צו דאס-ערד אדער משערנאזאם [א שווארצער, פעטער און פרוכטבארער ערד-באדען].

hump *n. and v.* (האמפ) א הויקער, א הארב; אויסבויגען דעם רוקען, מאכען א הארב; צונויפציהען זיך, איילען, מאכען שנעל; אנבלאזען זיך; אנשטרענגען זיך.

hump'back *n.* (האמפ'-בעק) ז. *hunchback*.

hump'backed *a.* (האמפ'-בעקט) ז. *hunchbacked*.

humped *a.* (האמפט) הארבאטע, הויקערדיג.

hump'-shoul'dered *a.* (האמפ'-שאול'-דערד) וואס האט הויכע אויסגעבויגענע אקסלען.

hump'ty-dump'ty *a. and n.* (האמפ'-טי-דאמפ'-טי) קורץ און ברייט; א קורצער און דיקער מענש; א פאנטאמימע, אין וועלכער עס שפיעלט א קורצער און דיקער מענש; א מין שנאפס.

hump'y *a.* (האמפ'-אי) פול מיט בערגלעך; הויקערדיג, הארבאטע; א שטיבעל, א ביידעל.

hu'mus *n.* (היו'-מאס) הומוס אדער דאס-ערד [א פרוכטבארער, פעטער, שווארצער ערד-באדען, וועלכער ענטהאלט אין זיך פיעל איבערגעפוילטע ארגאנישע שטאפען].

Hun *n.* (האן) אן אונגאר, איינער פון אונגארן; איינער פון די הונען [א קריעגעריש, אזיאטיש פאלק, וואס האט אין 5טען יאהרהונדערט פערניכטעט און צושטערט מעהר ווי א העלפט פון דער רוימישער מלוכה].

hunch *n. and v.* (האנטש) א הארב, א

הויקער; אַ גרויס שטיק, אַ גרויסע המוציא; אַ שטויס מיט'ן עלענבויגען; שטויסען מיט'ן עלענבויגען; מאַכען הארבאַטע.

hunch'back *n.* (האַנטש׳-בעק) אַן אויסגעבויגענער רוקען; אַ הארבאַטער מענש, איינער מיט אַ הויקער; אַ מין וואַלפיש מיט אַן אויסגעבויגענעם רוקען.

hunch'backed *a.* (האַנטש׳-בעקט) הארבאַטע, הויקערדיג.

hunch'y *a.* (האַנ׳-טשי) הויקערדיג, האַרבאַטע.

hun'dred *n. and a.* (האַנ׳-דרעד) הונדערט; אַ הונדערט, אַ מאה; אין מיטעלאַלטערליכען ענגלאַנד — די צענט־גראַפשאַפט אדער לאַנד־בעצירק [אַן אדמיניסטראַטיווער בעצירק מיט אַ געריכט פאַר ציווילע און קרימינעלע פערברעכענס].

hun'dred-court *n.* (האַנ׳-דרעד-קאָורט) אין מיטעלאַלטערליכען ענגלאַנד — אַ בעצירקס־געריכט [אַ געריכט פון אַ צענט־גראַפשאַפט אדער לאַנד־בעצירק פאַר ציווילע און קרימינעלע פערברעכענס].

Hun'dred Days (*the*) (האַנ׳-דרעד דייז) "די הונדערט טעג" [פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטענס הערשונג זינט ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון עלבאַ ביז זיין צווייטער נידערלאַגע, פון דעם 20טען מערץ ביז דעם 28טען יוני, 1815].

hun'dreder *n.* (האַנ׳-דרעד-ער) אין מיטעלאַלטערליכען ענגלאַנד — אַן איינוואוינער אדער גוטס־בעזיצער פון אַ צענט־גראַפשאַפט [ז. *hundred*]; איינער וועלכער קען זיין אויסגעקליבען אַלס געריכטס־געשווארענער אין אַ בעצירקס־געריכט [ז. *hundred-court*]; דער מאַגיסטראַט פון אַ צענט־גראַפשאַפט.

hun'dredfold *n.* (האַנ׳-דרעד-פאָולד) הונדערטפאַך, הונדערט מאָל אַזוי פיעל.

hun'dredman *n.* (האַנ׳-דרעד-מען) אין מיטעלאַלטערליכען ענגלאַנד — דער מאַגיסטראַט פון אַ צענט־גראַפשאַפט אדער לאַנד־בעצירק.

hun'dredth *n.* (האַנ׳-דרעדטה) דער הונדערטסטער; אַ הונדערט־חלק, אַ הונדערטעל.

hun'dredweight *n.* (האַנ׳-דרעד-הווייט) אַ צענטער [אַ געוויכט פון הונדערט פונט].

hung (האַנג) געהאַנגען, אויפגעהאַנגען. ז. *hang*

Hunga'rian *a. and n.* (האַנ-גיי׳-רי-ען) וואָס איז שייך צו אונגאַרן; אַן אונגאַר; אַ מאַדיאַר; די אונגאַרישע שפּראַך.

hung beef (האַנג ביעף) איינגעזאַלצען פלייש, וואָס איז געדעמפט און געטריקענט.

hun'ger *n. and v.* (האַנ׳-גער) הונגער; אַ דורשט אדער אַ שטאַרקער פערלאַנג נאָך עפּעס; הונגערען; דורשטען נאָך עפּעס, שטאַרק פערלאַנגען.

hun'ger-bit *a.* (האַנ׳-גער-ביט) וואָס ליידט הונגער, געפּלאָגט פון הונגער.

hun'ger-bit'ten *a.* (האַנ׳-גער-ביט׳ן) ז. *hunger-bit*

hun'ger-cure *n.* (האַנ׳-גער-קיור) דאָס היילען אַ קראַנקהייט דורך זעהר אַ שטרענגער דיעטע [דורך אָבהאַלטען זיך פון עסען].

hun'gered *a.* (האַנ׳-גערד) פערהונגערט, אויסגעהונגערט.

hun'gerer *n.* (האַנ׳-גער-ער) איינער וואָס הונגערט; איינער וואָס דורשט שטאַרק נאָך עפּעס, איינער וואָס האָט אַ שטאַרקען פערלאַנג נאָך עפּעס.

hun'ger-grass *n.* (האַנ׳-גער-גרעס) אַזאַ גראָז מיט בינטלעך בליהונג וואָס זיינען ענליך צו אַ פוקסען־עק ז. *foxtail*

hun'ger-rot *n.* (האַנ׳-גער-ראָט) אַ קראַנקהייט ביי שעפּסען פון שלעכטער פּאַשע אדער פּיטערונג.

hun'ger-starved *a.* (האַנ׳-גער-סטאַרווד) פערהונגערט, אויסגעמאַרעט פון הונגער.

hun'ger strike (האַנ׳-גער-סטראַיק) אַ שטרייק פון אַרעסטאַנטען אין אַ טורמע, וועלכער בעשטעהט אין ענטזאַגען זיך פון עסען און פרייוויליגען הונגער.

hun'gerworm *n.* (האַנ׳-גער-הוואָירם) אַ שטענדיגער הונגער; אַ שטאַרקער אַפּעטיט וואָס קען קיינמאָל ניט געשטילט ווערען.

hung ju'ry (האַנג דזשו׳-רי) אַ יורי אדער געריכטס־געשווארענע, וועלכע קענען ניט אַרויסטראָגען קיין געריכטס־אורטייל צוליעב איין מיטגליעד, וועלכער מאַכט שטערונגען צוליעב אונעהרליכע אדער פּערזענליכע צוועקען.

hun'grily *adv.* (האַנ׳-גרי-לי) אויף אַ זשעדנעם, הונגעריגען אדער גיעריגען אופן.

hun'gry *a.* (האַנ׳-גרי) הונגעריג; וואָס האָט אַ שטאַרקען חשק צו עפּעס; אָרעם; אונפּרוכטבאַר.

hun'gry e'vil (האַנ׳-גרי אי׳וול) אַן אונגעוועהנליכער אַפּעטיט צום עסען ביי פערד.

hun'gry ta'ble (האַנ׳-גרי טייבל) אַן אָרעמער מאָהלצייט.

hunk *n. and a.* (האַנק) 1. אַ גרויס שטיק; 2. אַ פערשלומפּערטע פרוי; 3. אויסגעצייכענט, פּאַרטרעפליך.
1. Give the beggar a hunk of bread.

Hun'ker *n.* (האַנ׳-קער) אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — אַ קאָנזערוואַטאָר, איינער, וועלכער דערלאָזט ניט קיין נייע איינפיהרונגען און רעפאָרמען.

hun'kerism *n.* (האַנ׳-קער-איזם) קאָנסערוואַטיזם: אַ פיינדליכע האַלטונג צו יעדען פּראָגרעס און פאָרטשריט.

hunks *n.* (האַנקס) אַ קמצן, אַ קאַרגער מענש.

hun'ky *a.* (האַנ׳-קי) אויסגעצייכענט, פּאַרטרעפליך.

hun'ky-do'ry *a.* (האַנ׳-קי-דאָו׳-רי) ז. *hunky*

hunt *v. and n.* (האַנט) פיהרען יאַגד; יאָגען, פערפאָלגען, נאָכיאָגען, נאָכשפּירען; זוכען, נאָכזוכען; אַ יאַגד; פערפאָלגונג, נאָכשפּירונג, נאָכזוכונג, זוכונג; אַ מחנה יאַגד־הינד; אַ יאַגד־געזעלשאַפט; די געגענד, וואו מען פיהרט יאַגד מיט הינד.

hunt at force (האַנט עט פאָורס) העצען די הינד אויף דער חיה [ביי יאַגד] אנשטאָט זי צו שיסען.

hunt change (האַנט טשיינדזש) נאָכפאָלגען נאָך אַן אַנדער, נייער שפּור [ווענען יאַגד־הינד].

hunt coun'ter (האַנט קאַונ׳-טער) נאָכשפּירען אדער פערפאָלגען אויף אַ פאַלשער שפּור.

hunt down (האַנט דאַון) דערגרייכען און כאַפּען אדער טויטען [אויף יאַגד]; פערפאָלגען רודף'ען ביז צום לעצטען.

hun'ter *n.* (האַנ׳-טער) אַ יעגער; אַ יאַגדהונד, אַ שפּיר־הונד; אַ יאַגד־פערד; אַ זוכער; אַזאַ גרויסער קוקוק־פויגעל [אין יאַמאַיקאַ]; אַ יאַגד־שפּין אדער וואָלף־שפּין [אַזאַ שפּין וואָס יאָגט זיך נאָך אינזעקטען אנשטאָט צו וואַרטען ביז זיי וועלען אַריינפאַלען אין זיין שפּינוועב].

Hun'ter's screw (האַנ׳-טערז סקרוה) די האַנטערס־שרויף אדער די דיפערענציאַל־שרויף [אַ שרויף דורך וועלכער עס געהט אין מיטען דורך אַ צווייטע שרויף. די מעלה פון דיעזער שרויף איז, וואָס זי שרויפט זעהר שטאַרק און רעגולירט גוט, ניט האָבענדיג אַזאַ געדיכטען שרויפען־גאַנג ווי ביי אַן איינפאַכער שרויף].



Hunter's Screw

hun'ting *n.* (האַנ׳-טינג) יאַגד, דאָס יאָגען, דאָס נאָכיאָגען, דאָס זוכען.

hun'ting-bag *n.* (האַנ׳-טינג-בעג) אַ יאַגד־טאַש.

hun'ting-box *n.* (האַנ׳-טינג-באָקס) אַ יעגער־שטיבעל.

hun'ting-coat *n.* (האַנ׳-טינג-קאָוט) אַ יאַגד־ראָק.

hun'ting-cog *n.* (האַנ׳-טינג-קאָג) דער איבעריגער צאָהן אין איינעם פון צוויי צאָהן־רעדער, כדי אין זייערע בעוועגונגען זאָלען זיך ניט צוזאַמענטרעפען אַלע מאָל איינע און דיעזעלביגע צייהנער.

hun'ting-ground *n.* (האַנ׳-טינג-גראַונד) אַ יאַגד־פּלאַץ.

hun'ting-horn *n.* (האַנ׳-טינג-האָרן) אַ יאַגד־האָרן.

hun'ting-jug *n.* (האַנ׳-טינג-דזשאַג) אַ קרוג מיט רעליעפע בילדער פון יאַגד, יעגער, יאַגד־הינד א. ד. ג.

hun'ting-leop'ard *n.* (האַנ׳-טינג-לעפּ׳-אַרד) דער יאַגד־לעמפּערט [אַ לעמפּערט, וועלכער איז געלערענט צו פאַנגען אַנטילאָפּען].

hun'ting-shirt *n.* (האַנ׳-טינג-שוירט) אַ יעגער־בלוזע.

hun'ting-song *n.* (האַנ׳-טינג-סאָנג) אַ יעגער־ליעד.

hun'ting-sword *n.* (האַנ׳-טינג-סאָורד) אַ יעגער־שווערד [אַזאַ שווערד וואָס יעגערס בענוצען ענדגילטיג צו דער'הרג'ענען אַ געשאָסענע חיה].

hun'ting the slip'per (האַנ׳-טינג טהי סליפּ׳-ער) פּאַנטאָפעל־יאַגד [אַ געוויסע שפּיעל, וואו מען בעהאַלט אַ שוך און איינער מיט פערבונדענע אויגען דאַרף איהם געפינען].

hun'ting-tide *n.* (האַנ׳-טינג-טאַיד) דער יאַגד־סעזאָן, די צייט פון יאַגד.

hunt out (האַנט אַוט) אויסשפּירען, אויספאָרשען, אויסזוכען.

hunt'ress *n.* (האַנט׳-רעס) אַ יעגערין.

hunts'man *n.* (האַנטס׳-מען) אַ יעגער, אַ יעגער־יונג.

hunts'manship *n.* (האַנטס׳-מען-שיפּ) יעגעריי, יעגער־קונסט.

hunt's'-up *n.* (האַנטס׳-אַפּ) עטוואָס וואָס וועקט אויף; אַ רוף צו ערוואַכען.

hunt the squir'rel (האַנט טהי סקוואָר׳-על) אַ קינדער־שפּיעל אין יאַגעניש [דער וואָס ווערט אָנגעריהרט מיט דער האַנד יאָגט נאָך דעם אָנריהרער ביז ער כאַפּט איהם און דער געכאַפּטער מוז

דאז פערנעהמען דעם פלאץ פון דעם נאכ־יאגער].

hunt up (האנט אפּ) אויסזוכען, סטארען זיך אויסצוגעפינען.

1. **Hunt up** my cousin when you are in Chicago. 2. I shall **hunt up** material for my speech.

hur'dle *n. and v.* (הויר'דל) א ראהם אדער ווענטעל געפלאכטען פון ריטער אדער שטעקענס; א מין שליטען אדער געפלאכטענער קארב, אין וועלכען מען פלעגט אמאל פיהרען פעראורטיילטע פער־ברעכער צום עשאפאט; אין פעסטונגען — די בינטלעך צווייגען, מיט וועלכע מען פילט אן א גראבען; א געפלאכטענער פארקאן ארום א פעלד אדער גארטען; א וואנד פון געפלאכטע־נע צווייגען ביים ברעג פון א טייך, כדי דאס וואסער זאל ניט אונ־טערשווענקען די ערד; אין וועט־לויף — א מין ווענטעל אדער קינסטליכער באריער, וועלכען דער לויפער דארף אריבערשפרינגען; א מין אייזער־נע אדער הילצערנע ראהם, אויף וועלכער מען ציהט אן געוואלעטע וואליק, כדי אויסצוואוואלקען עס און מאכען א הוט; מאכען א צאם אדער בעדעקען מיט גע־פלאכטענע צווייגען אדער שטעקענס; אין וועט־לויף — אריבערשפרינגען א קינסט־ליכען באריער אדער געפלאכטען ווענ־טעל.



Hurdle

hur'dle-race *n.* (הויר'דל־רייס) א וועט־לויף, אין וועלכען דער לויפער דארף אריבערשפרינגען איבער באריערען אדער ווענטלעך.

hurds *n.* (הוירדז) פאקולע, די פסולת פון קאנאפּליעס [פּענקע, האנף].

hur'dy-gur'dy *n.* (הויר'־די־גויר'־די) אן אלטפרענקישער מוזיקאלישער אינ־סטרומענט ענהליך צו א גיטארע מיט פיער אדער מעהר סטרונעס, וועלכע ווערען בע־ריהרט און לאזען ארויס טענער דורך א רעדעל וואס ווערט געדרעהט מיט דער לינקער האנד.



Hurdy-gurdy

hurl *v. and n.* (הוירל)ווארפען מיט קראפט, שליידערען; אנידערווארפען, שטירצען; אויסשרייען, אנפאלען מיט א געשריי; שנעל בעוועגען זיך, לויפען; פליהען ווי א פייל פון בויגען; שפּיעלען אין שליידערען א באל; ווארפען עפּעס אויף איינעם; דאס שליידערען, דאס ווארפען; דאס לויפען פון וואסער; דאס לויפען בארג־אראב; א ווענטעל אדער אן אנדער זאך געפלאכטען פון ריטער אדער שטעקענס.

hurl'bone *n.* (הוירל'־באון) דער קניי־ביין ביי א פערד.

hur'ling *n.* (הויר'־לינג) א מין באל־שפּיעל.

hur'ly-bur'ly *n.* (הויר'־לי־בויר'־לי) א געטומעל, א סומאטאכע, א גערויש.

hurra' *int. and v.* (הורא') ז. ***hurrah***

hurrah' *int. and v.* (הורא') הורא! שרייען הורא.

hur'ricane *n.* (האר'־אי־קיין) א שטורם־ווינד, א ציקלאן.

hur'ried *a.* (האר'־איד) איילינ, איבער־איילט; געטהאן אין איילעניש.

hur'riedly *adv.* (האר'־איד־לי) אין איילעניש.

hur'riedness *n.* (האר'־איד־נעס) איי־לעניש.

hur'rier *n.* (האר'־אי־ער) איינער וואס איילט; איינער וואס טרייבט אונטער.

hur'ry *v. and n.* (האר'־אי) איילען, אונטערטרייבען; צווינגען אדער ווירקען אויף איינעם צו טהאן א שלעכטע אדער נארישע זאך; שטופּען [א וועגעל] אין א קויהלען־שאכטע; בעוועגען אדער טהאן עפּעס אין איילעניש; דאס זיין אין איי־לעניש; דאס מאכען עפּעס שנעל; איילע־ניש, אויפגערעגטקייט, אונרוהיגקייט.

hur'ry away' (האר'־אי ע־הויי') שנעל אוועקפיהרען, שנעל אוועקגעהן.

hur'rygraph *n.* (האר'־אי־גרעף) א בריעף אדער אן אנדער שריפט וואס איז געשריבען אין גרויס איילעניש.

hur'ry-scur'ry *adv.* (האר'־אי־סקאר'־אי) אין איילעניש, אין אונארדנונג; צו־רודערטערהייד.

hur'ry-skur'ry *adv.* (האר'־אי־סקאר'־אי) ז. ***hurry-scurry***

hurt *v. and n.* (הוירט) קאליעטשען, פערוואונדען, פעראורזאכען וועהטאג; שע־דיגען, בעליידיגען; פערשאפען עגמת נפש; טהאן שאדען; א פערלעצונג, א בע־ליידיגונג, א וואונד, א שאדען, א היזק.

hurt at (הוירט עט) געקרענקט דורך אדער צוליעב עפּעס.

hur'ter *n.* (הויר'־טער) איינער וואס פערשאפט וועהטאג אדער שאדען; איי־נער וואס פערשאפט עגמת נפש.

hurt'ful *a.* (הוירט'־פול) שעדליך, פער־דערבליך; וואס רופט ארויס א וועהטאג; וואס פערשאפט עגמת נפש.

hurt'fully *adv.* (הוירט'־פול־אי) אויף א שעדליכען אדער פערדערבליכען אופן.

hurt'fulness *n.* (הוירט'־פול־נעס) שעד־ליכקייט, פערדערבליכקייט.

hur'tle *v.* (הויר'טל) בעוועגען מיט קראפט, שטויסען; געשווינד ארומדרעהען; בעוועגען זיך מיט קראפט; זיך געשווינד ארומדרעהען.

hur'tleberry *n.* (הויר'טל־בער־אי) א מין שווארצע אדער טונקעל־בלויע יאגדע. ז. ***huckleberry***

hurt'less *a.* (הוירט'־לעס) אונשעדליך; אונבעשעדיגט, אונבעריהרט.

hurt'lessly *adv.* (הוירט'־לעס־לי) אויף אן אונשעדליכען אדער אונבעשעדיגטען אופן.

hus'band *n. and v.* (האז'־בענד) א מאן [פון א ווייב]; א שפּארזאמער ווירטה אדער פערוואלטער; זיין איינער'ס מאן; געבען איינער א מאן; עקאנאמיזירען, זיין א גוטער ווירטה.

hus'bandage *n.* (האז'־בענ־דעדזש) געצאהלט פאר שיפס־פערוואלטונג.

hus'bandhood *n.* (האז'־בענד־הוד) דאס זיין א פערהייראטער מאן.

hus'bandless *a.* (האז'־בענד־לעס) אהן א מאן.

hus'bandly *a.* (האז'־בענד־לי) מעשה ווירטה, ווי א גוטער מאן.

hus'bandman *n.* (האז'־בענד־מען) אן אקערס־מאן, א לאנד־ווירטה, א פער־מער.

hus'bandry *n.* (האז'־בענד־רי) אקער־בוי, לאנדבוי.

hush *int., n., v. and a.* (האש) סט! שטיל! שטילקייט; שווייגען, זיין שטיל; מאכען שווייגען, שטיל מאכען; בערוהי־גען; שטיל, רוהיג.

hush'aby *int. and a.* (האש'־ע־באי) שטיל! אי־לו־לו־לו! וואס שטילט איין, וואס לולעט איין.

hush'-mon'ey *n.* (האש'־מאנ'־אי) שווייג־געלד, לא־יחרץ־געלד.

hush up (האש אפּ) פערשטיקען, פער־דעקען, מאכען א שווייג.

husk *n. and v.* (האסק) א מעקענע; א שאלעכץ, א הילז, א לושקע; א שויט, א סטרוטשקע; דער קליינער געפלעקטער הונד־פיש; אראבנעהמען דעם שאלעכץ; אויסשיילען, אויסלושטשען.

husked *a.* (האסקט) וואס איז בעדעקט מיט א שאלעכץ; וואס איז אין א שויט.

hus'ker *n.* (האס'־קער) איינער וואס שיילט אויס אדער לושטשעט אויס קוקו־רוזע אדער מאאיס; א מאשין צום רייני־גען קוקורוזע אדער מאאיס.

hus'kily *adv.* (האס'־קי־לי) הייזעריג, טרוקען.

hus'kiness *n.* (האס'־קי־נעס) הייזע־ריגקייט, טרוקענקייט [פון דער שטימע].

hus'king *n.* (האס'־קינג) דאס אויסשיי־לען אדער אויסלושטשען קוקורוזע [טער־קישע ווייץ]; א פערזאמלונג פון פריינד און בעקאנטע צו העלפען אויסשיילען קו־קורוזע אדער מאאיס ביי וועלכער עס ווערט געמאכט א הוליאנקע.

hus'king-bee *n.* (האס'־קינג־ביע) א פערזאמלונג פון פריינד און בעקאנטע צו העלפען אויסשיילען אדער אויסלושטשען קקורוזע אדער מאאיס ביי וועלכער עס ווערט געמאכט א הוליאנקע.

hus'ky *a. and n.* (האס'־קי) פול מיט שאלעכץ אדער מעקענע; פּראסט, וואס האט ווייניג ווערטה; הייזעריג, טרוקען אין האלז; שטארק און גרויס; א שטאר־קער גרויסער יונג; א האראפּאסניק; אן עסקימאס; די עסקימאסישע שפּראך; אזא זארט הונד וואס ווערט בענוצט צום שלע־פען שליטענס אין די קאלטע געגענדען.

hussar' *n.* (הא־זאר') א הוזאר [א רייט־סאלדאט פון א געוויסער קאוואלע־ריע־אבטיילונג וואס צייכענט זיך מיט גע־פוצטע בונטע אוניפארמס].

hus'sif *n.* (האז'־איף) א הויז־פרוי; א הויז־ווירטין; א נעה־קעסטעל [א קעסטע־לע וואו מען האלט נעה־געצייג].

Hus'site *n.* (האס'־אים) א הוסיט, אן אנ־הענגער פון יאהאן הוס, דער רעפארמער פון דער קאטוילישער רעליגיאָן, וועלכען מען האט פערברענט אין יאהר 1415.

hus'sy *n.* (האז'־אי) א צולאזענע מיי־דעל; אן אויסגעלאסענע פרוי; א נעה־קעסטעל [א קעסטעלע וואו מען האלט נעה־געצייג].

hus'ting *n.* (האס'־טינג) ז. ***hustings***

hus'tings *n.* (האס'־טינגז) 1. א וואהל־ביהנע [א ביהנע פון וועלכער מען האלט וואהל־רעדען]; 2. א קאנפערענץ, א בע־ראטונגס־פערזאמלונג; 3. א שטאדט־גע־ריכט.

1. All the cabinet ministers appeared on the **hustings**.

hus'tle *v.* (האסל) צוזאמענווארפען אהן אן ארדנונג; שטופּען, דרענגען, שטויסען; איילען, האסטיג בעוועגען אדער טהאן; הארעווען, ארויסווייזען ענערגיע.

hus'tler *n.* (האס'-לער) א הארעפאסניק; אן ענערגישער ארבייטזאמער מענש.
Mr. A— can easily get a position, because he is a hustler.

hut *n. and v.* (האט) א ביידעל, א בוד־קע; א געצעלט; א באראק; הילצערנע באראקען וועלכע ווערען געבויט פאר סאלדאטען וואס געפינען זיך אין פעלד־לאגער; בעזעצען אין א באראק; זיך בע־זעצען אין א באראק אדער א ביידעל.

hutch *n. and v.* (האטש) א קעסטעל; א קאסטען; א קאפער; א נידריג וועגעל וואס ווערט בענוצט ארויסצופיהרען קויה־לען פון א קויהלען־גרוב; א בעקער'ס קנעט־קאסטען; א שטייג אין וועלכער מען האלט קליינע חיה'לעך, ווי קראליקעס א. ד. ג.; אוועקלעגען אין א קעסטעל.

hux *v.* (האקס) פאנגען פיש מיט הא־טשעקעס אנגעבונדען צו פענכערס.

hux'ter *n.* (האק'-סטער) א קליין־הענד־לער. ז. *huckster*

huzza' *int. and v.* (הא-זא') הורא! אויפנעהמען מיט א הורא־געשריי; ארויס־לאזען א הורא־געשריי.

huzzah' *int. and v.* (הא-זא') ז. *huzza*

hy'acinth *n.* (האי'-ע-סינטה) די היאצינטע [אזא גארטען־פלאנצע, וואס וואקסט אזוי ווי ציבעלעס, מיט גלא־קען־פערמיגע בלומען]; דער היאצינט [אזא עדעלשטיין פון רויט־ליכען קאליר]. ז. איל. *"Gems"*

Hyacinth

hyacin'thian *a.* (האי-ע-סינ'-טהי-ען) ז. *hyacinthine*

hyacin'thine *a.* (האי-ע-סינ'-טהין) וואס איז געמאכט אדער וואס בע־שטעהט פון היאצינט; וואס האט דעם קאליר ווי די היאצינטע אדער וואס האט אזא ריח; זעהר שעהן אדער אנציהענד. ז. *hyacinth*

Hyacin'thus *n.* (האי-ע-סינ'-טהאס) די היאצינטען־פלאנצען. ז. *hyacinth*

Hy'ades *n.* (האי'-ע-דיז) אין אסטראנא־מיע — די היאדען [א גרופע פון זיבען שטערען]; אין דער גריכישער מיטאלא־גיע — די היאדען [די נימפען, וועלכע האבען געהאדעוועט באקכוס'ען און זיינען פערוואנדעלט געווארען אין שטערען].

Hy'ads *n.* (האי'-עדז) ז. *Hyades*

hyæ'na *n.* (האי-אי'-נא) ז. *hyena*

Hya'lea *n.* (האי-איי'-לי-א) א מין מא־לוסקעלען וואס האבען פליגעל־עהנליכע בע־וועגונגס־גליעדער [געפינען זיך אין אט־לאנטישען און מיטעללענדישען ים].

Hyalea

hyales'cence *n.* (האי-ע-לעס'-ענס) דאס זיין דורכזיכטבאר אדער גלאז־ארטיג; דאס ווערען ווי גלאז; גלאזיגקייט.

hyales'cent *a.* (האי-ע-לעס'-ענט) וואס זעהט אויס ווי גלאז; וואס ווערט ווי גלאז; גלאז־ארטיג; דורכזיכטיג.

hy'aline *a. and n.* (האי'-ע-לין) גלאז־ארטיג, קריסטאל־ארטיג, דורכזיכטיג; עהנליך צו גלאז; וואס בעשטעהט פון גלאז; א גלעזערנער אדער דורכזיכטיגער שטאף.

hy'alithe *n.* (האי'-ע-ליטה) אזא זארט שטארק, דונקעל גלאז.

hyalog'raphy *n.* (האי-ע-לאג'-רע-פי) די קונסט פון שרייבען אדער גראווירען אויף גלאז.

hy'aloid *a. and n.* (האי'-ע-לאיד) גלאז־ארטיג; ווי גלאז; דורכזיכטיג; די גלאז־ארטיגע הויט פון אויג.

hyaloidi'tis *n.* (האי-ע-לאי-דאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער גלאז־הויט אדער קריסטאל פון אויג.

hy'brid *n. and a.* (האי'-בריד) א חיה אדער פלאנצע וואס שטאמט ארויס פון געמישטע מינים; עטוואס וואס שטאמט אב פון געמישטע קוועלען [ווי א ווארט צוזאמענגעשטעלט פון עלעמענטען פון צוויי שפראכען]; וואס קומט ארויס פון געמישטע עלטערען; וואס שטאמט אב פון געמישטע קוועלען [ווי א ווארט וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון עלעמענטען פון צוויי שפראכען].

hy'bridisable *a.* (האי'-ברי-דאי-זעבל) ז. *hybridizable*

hybridisa'tion *n.* (האי-ברי-די-זיי'-שאן) ז. *hybridization*

hy'bridise *v.* (האי'-ברי-דאיז) ז. *hybridize*

hy'bridism *n.* (האי'-ברי-דיזם) דאס אבשטאמען פון געמישטע מינים; דאס צוזאמענפארען חיות און פלאנצען פון גע־מישטע מינים; דאס בילדען א ווארט פון טיילען וואס שטאמען פון צוויי אדער מעהר שפראכען.

hybrid'ity *n.* (האי-בריד'-אי-טי) דאס אבשטאמען פון געמישטע מינים; דאס זיין אן אבשטאם פון געמישטע מינים.

hy'bridizable *a.* (האי'-ברי-דאי-זעבל) וואס קען ארויסקומען אלס אן אבשטאמונג פון געמישטער פארונג; וואס קען ארויס־ברייננען אן אבשטאמונג פון געמישטער פארונג.

hybridiza'tion *n.* (האי-ברי-די-זיי'-שאן) דאס צוזאמענפארען געמישטע מינים [חיות אדער פלאנצען] צו בעקומען א געמישטע אבשטאמונג.

hy'bridize *v.* (האי'-ברי-דאיז) צונויפ־פארען פערשיעדענע מינים [חיות אדער פלאנצען] אום צו בעקומען א געמישטע אבשטאמונג; שאפען א ווארט אלס אן אבשטאם פון צוויי שפראכען.

hy'bridizer *n.* (האי'-ברי-דאי-זער) איינער וואס פארט געמישטע מינים [חיות אדער פלאנצען] צו בעקומען א געמישטע אבשטאמונג.

hy'datid *n.* (האי'-דע-טיד) א וואסער־בלאז; דער בלאז־פערמיגער צושטאנד פון דער לארווא פון א באנד־ווארים.

hydatid'iform *a.* (האי-דע-טיד'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א וואסער־בלאז.

hydat'iform *a.* (האי-דעט'-אי-פארם) ז. *hydatidiform*

hy'datis *n.* (האי'-דע-טיס) ז. *hydatid*

hy'datoid *a.* (האי'-דע-טאיד) וואסערדיג, עהנליך צו וואסער; וואס איז עהנליך צו דער פליסיגקייט וואס פילט אויס דאס אויג.

Hy'dra *n.* (האי'-דרא) אין דער אלטער אסטראנאמיע — א שטערען־גרופע, וואס האט דעם אויסזעהן פון א וואסער־שלאנג; א מין טייך־פאליפען [ז. איל.].


Hydra

hy'dra *n.* (האי'-דרא) א הידרע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א שלאנג אדער דראכען מיט 9 קעפ וואס ווען מען פלעגט איהר אבהאקען איין קאפ, פלעגען אויף דער שטעלע אויסוואקסען צוויי נייע, אויסער ווען מען האט די וואונד אויסגע־ברענט. איינע פון די 12 גבורות פון דעם העלד הערקולעס איז געוועזן, וואס ער האט דיעזען דראכען גע'הרג'ט]; א צרה, וועל־כע ווערט אלץ גרעסער און שטארקער, וואס מעהר מען שטרענגט זיך אן פון איהר פטור צו ווערען; א וואסער־שלאנג; א זארט טייך־פאליפ; אזא ספירימוס־טערמאמעטער.

hy'dragogue *n.* (האי'-דרע-גאג) א שטארקער אבפיהר־מיטעל אבצוטרייבען וואסער וואס האט זיך וואו עס איז אנגע־קליבען אין קערפער.

hy'dra-head'ed *a.* (האי'-דרא-העד'-עד) פיעל־קעפיג; וואס איז שווער אויס־צוראטען; וואס וואקסט אימער פון דאס ניי ארויס.

Hydran'gea *n.* (האי-דרענ'-דזשי-א) די הארטענזיע [א מין אמעריקאנישע און אזיאטישע פלאנצען מיט שעהנע פערשיע־דען־פארביגע בליהונגען].

Hydrangea

hy'drant *n.* (האי'-דרענט) אן אפאראט צו ציהען וואסער פון די גרויסע וואסער־לייטונגס־רעהרען, וואס ציהען זיך אין א

נאס אונטער דער ערד [ווערט בענוצט מייסטענס פון פייער=לעשער בעת א שריפה].

hydrar'gyrate *a.* (האי-דראר'-דזשי-רייט) וואס איז שייך צו קוועקזילבער.

hydrargyri'asis *n.* (האי-דראר-דזשי-ראי'-ע-סיס) קוועקזילבער=פערגיפטונג.

hydrargyr'ic *a.* (האי-דראר-דזשיר'-איק) וואס איז שייך צו קוועקזילבער; וואס איז פון קוועקזילבער.

hydrar'gyrum *n.* (האי-דראר'-דזשי-ראם) קוועקזילבער [איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען].

hydrarthro'sis *n.* (האי-דראר-טהראו'-סיס) די אנזאמלונג פון פליסיגקייט אדער פלוס אין א געלענק.

hy'drate *n. and v.* (האי'-דרייט) א הידראט [א כעמישע פערבינדונג פון וואסער מיט אן אנדער שטאף]; פערבינדען מיט וואסער; בילדען א הידראט.

hydra'tion *n.* (האי-דריי'-שאן) דאס פערבינדען מיט וואסער; דאס דורכנעצען מיט וואסער.

hydrau'lic *a.* (האי-דראה'-ליק) הידראוליש, וואס איז שייך צו וואסער וואס געפינט זיך אין בעוועגונג אדער צו דער קראפט וועלכע ווערט ביי דיעזער בעוועגונג ענטוויקעלט; וואס איז שייך צו הידראוליק. ז. *hydraulics*

hydrau'lical *a.* (האי-דראה'-לי-קעל) ז. *hydraulic*

hydrau'lically *adv.* (האי-דראה'-ליק-על-אי) מיט הידראולישער קראפט. ז. *hydraulics*

hydrau'lic cement' (האי-דראה'-ליק סי-מענט') א געוויסער זארט וואפנע וואס ווערט גיך פערהארטעוועט אין וואסער.

hydrau'lic en'gine (האי-דראה'-ליק ענ'-דזשין) א הידראולישע מאשין, א וואסער=מאשין [א מאשין וועלכע ווערט בעטריבען דורך דעם דרוק פון וואסער].

hydrau'lic engineer'ing (האי-דראה'-ליק ענ-דזשי-ניער'-אינג) וואסער=בוי אינזשיניער=קונסט [דער טייל פון דער אינזשיניער=וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט וואסער=בוי, ווי וואסער=טורבינען, וואסער=מיהלען א. ד. ג.].

hydrauli'cian *n.* (האי-דראה-ליש'-ען). ז. *hydraulist*

hydrau'lic jack (האי-דראה'-ליק דזשעק) א הידראולישע הויב=מאשין [אזא מאשין צו הויבען משא דורך דעם דרוק פון א פליסיגקייט].

hydrau'lic lime (האי-דראה'-ליק לאים) הידראולישער קאלך אדער וואפנע [אזא זארט וואפנע וואס ווערט הארט אין וואסער].

hydrau'lic mor'tar (האי-דראה'-ליק מאהר'-טאר) ז. *hydraulic cement*

hydrau'lic mo'tor (האי-דראה'-ליק מאו'-טאר) א הידראולישער מאטאר [א מאטאר וואס ווערט בעטריבען דורך וואסער=קראפט].

hydrau'licon *n.* (האי-דראה'-לי-קאן) ז. *hydraulic organ*

hydrau'lic or'gan (האי-דראה'-ליק אר'-גאן) אן ארגעל וועלכער שפּיעלט דורך דעם דרוק פון וואסער.

hydrau'lic pow'er (האי-דראה'-ליק פּאו'-ער) די וואסער=דרוק=קראפט.

hydrau'lic press (האי-דראה'-ליק פרעס) א הידראולישע פרעס [א פרעס וואס דיענט צו מאכען זעהר א שטארקען דרוק און ווערט בעטריבען דורך דעם דרוק פון וועלכער עס איז פליסיגקייט].

hydrau'lic ram (האי-דראה'-ליק רעם) אזא אויטאמאטישע וואסער=פּומפּ צום שפּריצען וואסער אין דער הויך, וועלכע ווערט בעטריבען דורך דעם דרוק פון א וואסער=זייל.

hydrau'lics *n.* (האי-דראה'-ליקס) הידראוליק, דער טייל פון אינזשיניער=וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער בעוועגונג פון פליסיגקייטען, די פיזיקאלישע געזעצען דורך וועלכע דיעזע בעוועגונג ווערט רעגולירט און זייער אנווענדונג אין דער טעכניק פון וואסער=בוי, ווי וואסער=טורבינען, שיפען, פּומפּען א. ד. ג.

hydrau'list *n.* (האי-דראה'-ליסט) א קענער אין הידראוליק. ז. *hydraulics*

hydre'mia *n.* (האי-דרי'-מי-א) א וואסערדיגער צושטאנד פון דעם בלוט; דאס האבען צופיעל וואסער אין בלוט.

hy'driad *n.* (האי'-דרי-עד) אין מיטאלאגיע — א וואסער=נימפע.

hy'dric *a.* (האי'-דריק) וואס איז פערבונדען מיט אדער ענטהאלט וואסער=שטאף.

hy'drid *n.* (האי'-דריד) א שטאף וואס בעשטעהט פון וואסער=שטאף וועלכער איז פערבונדען מיט אן אנדער כעמישען עלעמענט; א טייך=פאליפ.

hy'dride *n.* (האי'-דריד) א שטאף וואס בעשטעהט פון וואסער=שטאף, וועלכער איז פערבונדען מיט אן אנדער כעמישען עלעמענט.

hy'driodate *n.* (האי'-דרי-א-דייט) א זאלץ פון הידרא=יאד=זויערע. ז. *hydriodic acid*

hydriod'ic *a.* (האי-דרי-אד'-איק) וואס איז פראדוצירט פון א פערבינדונג פון וואסער=שטאף און יאד.

hydriod'ic ac'id (האי-דרי-אד'-איק עס'-איד) א קאלירלאזער גאז מיט א שטיקענדען גערוך, וואס בילדעט זיך פון דער פערבינדונג פון וואסער=שטאף מיט יאד.

hydrobro'mate *n.* (האי-דרא-בראו'-מייט) א זאלץ וואס בילדעט זיך פון הידרא=בראם=זויערע. ז. *hydrobromic acid*

hydrobro'mic *a.* (האי-דרא-בראו'-מיק) וואס בעשטעהט פון וואסער=שטאף און בראם.

hydrobro'mic ac'id (האי-דרא-בראו'-מיק עס'-איד) א זויערע וועלכע ווערט געמאכט פון א פעראייניגונג פון פאספאר, בראם און וואסער. דיעזע זויערע ערשיינט אין דער פארם פון א קאלירלאזען גאז מיט א שטיקענדען גערוך.

hydrocar'bon *n.* (האי-דרא-קאר'-באן) קויהלען=וואסער=שטאף [א כעמישע פערבינדונג פון קויהלען=שטאף און וואסער=שטאף].

hydrocarbona'ceous *a.* (האי-דרא-קאר-בא-ניי'-שיאס) וואס איז שייך צו אדער ענטהאלט קויהלען=וואסער=שטאף.

hydrocarbon'ic *a.* (האי-דרא-קאר-באנ'-איק) וואס האט די נאטור אדער וואס איז שייך צו קויהלען=וואסער=שטאף.

hydrocar'bonous *a.* (האי-דרא-קאר'-בא-נאס) ז. *hydrocarbonic*

hydrocar'dia *n.* (האי-דרא-קאר'-די-א) אן אנזאמלונג פון א וואסער=פליסיגקייט אין דעם זעקעל אין וועלכען דאס הארץ ליעגט.

hy'drocele *n.* (האי'-דרא-סיל) א וואסער=ברוך [אן אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין אייער=בייטעל].

hydrocephal'ic *a.* (האי-דרא-סי-פעל'-איק) וואס איז שייך צו קאפ=וואסערזוכט. ז. *hydrocephalus*

hydroceph'aloid *a.* (האי-דרא-סעפ'-ע-לאיד) וואס איז עהנליך צו קאפ=וואסערזוכט [אן אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין קאפ].

hydroceph'alous *a.* (האי-דרא-סעפ'-ע-לאס) ז. *hydrocephaloid*

hydroceph'alus *n.* (האי-דרא-סעפ'-ע-לאס) קאפ=וואסערזוכט [אן אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין קאפ].

hydrochlo'rate *n.* (האי-דרא-קלאו'-רייט) זאלץ=זויער=זאלץ, הידרא=כלאר זויער=זאלץ [א כעמישער זאלץ וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון וואסער=שטאף מיט כלאר].

hydrochlo'ric *a.* (האי-דרא-קלאו'-ריק) וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון וואסער=שטאף מיט כלאר; זאלץ=זויער.

hydrochlo'ric ac'id (האי-דרא-קלאו'-ריק עס'-איד) הידרא=כלאר זויערע, זאלץ=זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון וואסער=שטאף מיט כלאר וועלכע שטעלט פאר א קאלירלאזען גאז מיט א שטיקענדען גערוך און א זויערען געשמאק].

hydrocyan'ic *a.* (האי-דרא-סאי-ענ'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון וואסער=שטאף און ציאן.

hydrocyan'ic ac'id (האי-דרא-סאי-ענ'-איק עס'-איד) ציאן=זויערע אדער בלוי=זויערע [א קאלירלאזע, שטארק גיפטיגע פליסיגקייט, וועלכע בעשטעהט פון א כעמישער פערבינדונג פון וואסער=שטאף מיט ציאן].

hydrocy'anide *n.* (האי-דרא-סאי'-ע-ניד) ציאן=זויער=זאלץ אדער בלוי=זויער=זאלץ.

hydrodynam'ic *a.* (האי-דרא-דאי-נעמ'-איק) וואס איז שייך צו הידראדינאמיק; וואס איז שייך צו וואסער=קראפט.

hydrodynam'ical *a.* (האי-דרא-דאי-נעמ'-אי-קעל) ז. *hydrodynamic*

hydrodynam'ics *n.* (האי-דרא-דאי-נעמ'-איקס) הידראדינאמיק, וואסער=קראפט=לעהרע, אדער די לעהרע פון וואסער=בעוועגונג.

hydrodynamom'eter *n.* (האי-דרא-דאי-נע-מאמ'-ע-טער) א הידראדינאמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דרוק און די בעוועגונגס=געשווינדקייט פון וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען].

hy'dro-elec'tric *a.* (האי'-דראו-אי-לעק'-טריק) וואס איז ענטשטאנען פון אדער איז שייך צו עלעקטריציטעט וואס איז פראדוצירט געווארען דורך דער אנווענדונג פון א שטארקען דאמפף=דרוק.

hy'dro-elec'tric machine' (האי-דראו-אי-לעק'-טריק מע-שין') א הידרא=עלעקטרישע מאשין [א מאשין צום פראדוצירען עלעקטריציטעט דורך א שטארקען דאמפף=דרוק. די עלעקטריציטעט ווערט געשאפען דורך דעם וואס א שטארקער דאמפף=שטראם ווערט געטריבען אויף א מעטאלענעם בערשטעל וואס איז פערבונדען מיט אן איזאלירטען מעטאל=קוגעל. די רייבונג פון דאמפף=שטראם אן דאס מעטאל=בערשטעל שאפט די עלעקטריציטעט, וועלכע זאמעלט זיך ביסלעכווייז אן אין דעם איזאלירטען מעטאל=קוגעל].

hydrofluor'ic *a.* (האי-דרא-פלו-אר'-

איק) וואס בעשטעהט פון וואסער־שטאף און פלואר.

hydrofluor'ic ac'id (האי־דרא־פלו־אר'־איק עס'־איד) פלואר־וואסער־שטאף־זויערע [א זויערע וועלכע ווערט ערהאלטען פון פלואר־שפאט און שוועפעל־זויערע. דיעזע זויערע האט א שטיקענדען געדוך און א שטארקע נייגונג זיך צו פעראייניגען מיט וואסער. זי ווערט בענוצט ביי גלאז־גראווירונג].

hy'drogen *n.* (האי'־דרא־דזשען) וואסער־שטאף [איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען].

hy'drogenate *v.* (האי'־דרא־דזשענ־אייט) פעראייניגען מיט וואסער־שטאף.

hydrogena'tion *n.* (האי־דרא־דזשענ־איי'־שאן) דאס פערבינדען מיט וואסער־שטאף; דאס זיין פערבונדען מיט וואסער־שטאף.

hydrogenif'erous *a.* (האי־דרא־דזשע־ניפ'־ע־ראס) וואס ענטהאלט. אדער גיט ארויס וואסער־שטאף.

hy'drogenise *v.* (האי'־דרא־דזשענ־איז) ז. *hydrogenize*.

hy'drogenize *v.* (האי'־דרא־דזשענ־איז) פערבינדען מיט וואסער־שטאף; בילדען א וואסער־שטאף־פערבינדונג.

hydrog'enous *a.* (האי־דראדזש'־ע־נאס) וואס ענטהאלט אדער אנבעלאנגט צו וואסער־שטאף; וואס איז געבילדעט אדער געשאפען דורך וואסער.

hydrogeol'ogy *n.* (האי־דראו־דזשי־אל'־א־דזשי) הידראגעאלאגיע, דער טייל פון געאלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט די וואסערען, וועלכע געפינען זיך אונטער דער אויבערפלעכע פון דער ערד.

hydrog'nosy *n.* (האי־דראג'־נא־סי) אן אבהאנדלונג אדער בעשרייבונג פון די וואסערען אויף דער ערד.

hydrog'rapher *n.* (האי־דראג'־רע־פער) א הידראגראף, א וואסער־בעשרייבער, א צייכנער פון זעע־קארטען; א קענער אין הידראגראפיע. ז. *hydrography*.

hydrograph'ic *a.* (האי־דרא־גרעפ'־איק) הידראגראפיש; וואס איז שייך צו הידראגראפיע. ז. *hydrography*.

hydrograph'ical *a.* (האי־דרא־גרעפ'־אי־קעל) ז. *hydrographic*.

hydrog'raphy *n.* (האי־דראג'־רע־פי) הידראגראפיע, די בעשרייבונג פון ימים, טייכען און אנדערע וואסערען, מיט בעזונדערע אנגאבען וועגען זייערע נוצען פאר שיף־פערקעהר.

hy'droid *a.* (האי'־דרויד) וואס לעבט אין וואסער; וואס איז עהנליך צו א הידרא [א וואסער־שלאנג].

hydrokinet'ic *a.* (האי־דרא־קי־נעט'־איק) וואס איז שייך צו דער בעוועגונג פון פליסיגקייטען און דער קראפט וואס ענטשטעהט דורך דיעזער בעוועגונג.

hydrokinet'ical *a.* (האי־דרא־קי־נעט'־איק־על) ז. *hydrokinetic*.

hydrokinet'ics *n.* (האי־דרא־קי־נעט'־איקס) די וויסענשאפט וועלכע פערנעהמט זיך מיט דער בעוועגונג פון פליסיגקייטען.

hydrolog'ic *a.* (האי־דרא־לאדזש'־איק) הידראלאגיש, וואס איז שייך צו הידראלאגיע. ז. *hydrology*.

hydrolog'ical *a.* (האי־דרא־לאדזש'־אי־קעל) ז. *hydrologic*.

hydrol'ogist *n.* (האי־דראל'־א־דזשיסט) א קענער אין הידראלאגיע. ז. *hydrology*.

hydrol'ogy *n.* (האי־דראל'־א־דזשי) הידראלאגיע, די לעהרע וועגען וואסער [ווי די אייגענשאפטען, פיזיקאלישע געזעצע, פערשפרייטונג איבער דער ערד א. ז. וו.].

hy'dromancy *n.* (האי'־דרא־מענ־סי) נביאות אדער כשוף דורך וואסער.

hydroma'nia *n.* (האי־דרא־מיי'־ני־א) א ארט מרה־שחורה, וועלכע פיהרט דעם ליידענדען צו זעלבסטמארד דורך דערטרינקען זיך.

hydromechan'ics *n.* (האי־דראו־מי־קען'־איקס) הידרא־מעכאניק [די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער נאטור פון פליסיגקייטען, ווען זיי זיינען אין בעוועגונג אדער רוה].

hy'dromel *n.* (האי'־דרא־מעל) האניג־וואסער, מעד.

hydromet'allurgy *n.* (האי־דרא־מעט'־על־אויר־דזשי) הידרא־מעטאלורגיע, דאס בעהאנדלען ערץ [רויהע מעטאלען] דורך געוויסע כעמישע פליסיגקייטען.

hydrome'teor *n.* (האי־דרא־מי'־טי־אר) אן אטמאספערישע ערשיינונג וואס הענגט אב פון וואסער־אויסדאמפפונג [ווי רעגען, שנעע, האגעל א. ד. ג.].

hydrometeorol'ogy *n.* (האי־דרא־מי־טי־א־ראל'־א־דזשי) הידראמעטעאראלאגיע, דער טייל פון מעטעאראלאגיע [וועטער־לעהרע] וואס פערנעהמט זיך מיט די וואסער־ערשיינונגען אין דער אטמאספערע [ווי וואלקענס, רעגען, שנעע, האגעל א. ד. ג.].

hydrom'eter *n.* (האי־דראמ'־ע־טער) א הידראמעטער, אן אינסטרומענט צום מעסטען די ספעציפישע שווערקייט און געדיכטקייט פון פליסיגקייטען, איבערהויפט פון וואסער; אן אינסטרומענט צו מעסטען די געשווינדקייט פון א וואסער־שטראם.


Hydrometer

hydromet'ric *a.* (האי־דרא־מעט'־ריק) הידראמעטריש, וואס איז שייך צו א הידראמעטער. ז. *hydrometer*.

hydromet'ric pen'dulum (האי־דרא־מעט'־ריק פענ'־דיו־לאם) דער הידראמעטרישער פערפענדיקעל [אן אינסטרומענט צו מעסטען די געשווינדקייט פון א וואסער־שטראם].

hydromet'rograph *n.* (האי־דרא־מעט'־רא־גרעף) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די מאסע פון וואסער וואס פליסט ארויס פון א רעהר אין א בעשטימטער צייט.

hydrom'etry *n.* (האי־דראמ'־ע־טרי) הידראמעטריע, די קונסט צו מעסטען די ספעציפישע שווערקייט, געדיכטקייט און געשווינדקייט פון פליסיגקייטען.

hy'dropath *n.* (האי'־דרא־פעטה) ז. *hydropathist*.

hydropath'ic *a.* (האי־דרא־פעטה'־איק) הידראפאטיש; וואס איז שייך צו הידראפאטיע אדער צו דער וואסער־הייל־מעטאדע.

hydropath'ical *a.* (האי־דרא־פעטה'־איק־על) ז. *hydropathic*.

hydrop'athist *n.* (האי־דראפ'־ע־טהיסט) א הידראפאט [איינער וואס ווענדט אן די וואסער־הייל־מעטאדע]. ז. *hydropathy*.

hydrop'athy *n.* (האי־דראפ'־ע־טהי) הידראפאטיע אדער וואסער־הייל־מעטאדע [די מעטאדע פון היילען קראנקהייטען דורך דער בענוצונג פון וואסער, ווי בעדער, אומשלעגע, אבערייבונגען, א. ד. ג.].

hy'drophane *n.* (האי'־דרא־פיין) דער הידראפאן [א מין אפאל־שטיין וואס ווערט דורכזיכטיג דורך איינטונקען אין וואסער].

hydroph'anous *a.* (האי־דראפ'־ע־נאס) דורכזיכטיג געמאכט דורך איינטונקען אין וואסער.

hy'drophid *n.* (האי'־דרא־פיד) א וואסער־שלאנג.

hy'drophobe *n.* (האי'־דרא־פאוב) איינער וואס ליידעט פון הידראפאביע. ז. *hydrophobia*.

hydropho'bia *n.* (האי־דרא־פאו'־בי־א) הידראפאביע אדער וואסער־פורכט [א קראנקהייט וואס קומט פון א ביס פון א משוגע'נעם הונד. איינע פון די וויכטיגסטע סמנים איהרע איז די מורא פאר וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען און דאס ניט קענען זיי אראבשלינגען].

hydropho'biac *n.* (האי־דרא־פאו'־בי־עק) איינער וואס איז קראנק אויף הידראפאביע. ז. *hydrophobia*.

hydropho'bic *a.* (האי־דרא־פאו'־ביק) הידראפאביש, וואס ליידט פון הידראפאביע. ז. *hydrophobia*.

hy'drophoby *n.* (האי'־דרא־פאו־בי) ז. *hydrophobia*.

hy'drophore *n.* (האי'־דרא־פאור) א הידראפאר [אן אינסטרומענט ארויסצוציהען וואסער פון וועלכער עס איז טיעפקייט].

hydrophthal'mia *n.* (האי־דראפ־טהעל'־מי־א) אויגען־וואסערזוכט [אן אויגען־קראנקהייט וואס בעשטעהט אין דער פערמעהרונג פון דער פליסיגקייט, מיט וועלכער דאס אויג איז אנגעפילט].

hy'drophyte *n.* (האי'־דרא־פאיט) א וואסער־פלאנצונג.

hydrop'ic *a. and n.* (האי־דראפ'־איק) וואסערזיכטיג, קראנק אויף וואסערזוכט; א מעדיצין צום היילען וואסערזוכט; א פערזאן וואס איז קראנק אויף וואסער־זוכט. ז. *dropsy*.

hydrop'ical *a.* (האי־דראפ'־אי־קעל) וואסערזיכטיג, קראנק אויף וואסערזוכט.

hydrop'ically *adv.* (האי־דראפ'־אי־קעל־אי) אויף א וואסערזיכטיגען אופן.

hy'droplane *n.* (האי'־דרא־פליין) אזא רודער ביי אן אונטער־וואסער שיפעל.

hydropneumat'ic *a.* (האי־דרא־ניו־מעט'־איק) וואס איז פראדוצירט געווארען דורך דער פעראייניגטער מיטווירקונג פון וואסער און לופט.

hy'drops *n.* (האי'־דראפס) ז. *dropsy*.

hydrop'sia *n.* (האי־דראפ'־סי־א) ז. *dropsy*.

hy'dropsy *n.* (האי'־דראפ־סי) ז. *dropsy*.

hy'droscope *n.* (האי'־דרא־סקאופ) א הידראסקאפ, אזא אינסטרומענט אבצופראבירען אויב עס געפינט זיך פייכטקייט אין דער לופט; אזא וואסער־זייגער.

hy'drostat *n.* (האי'־דרא־סטעט) א הידראסטאט, אזא אפאראט צו פערהיטען עקספלאזיאנען פון דאמפף־קעסעל; אן עלעקטרישער מיטעל צו ענטדעקען אויב עס געפינט זיך וואסער ערגעץ.

hydrostat'ic *a.* (האי־דרא־סטעט'־איק) הידראסטאטיש; וואס איז שייך צו די פרינציפען וועגען דעם גלייכגעוויכטס־צושטאנד פון וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען.

hydrostat'ical *a.* (האי-דרא-סטעט'-אי-קעל) ז. ***hydrostatic***

hydrostat'ic press (האי-דרא-סטעט'-איק פרעס) ז. ***hydraulic press***

hydrostat'ics *n.* (האי-דרא-סטעט'-איקס) הידראסטאטיק, די לעהרע וועגען דעם דרוק און גלייכגעוויכטס=צושטאנד פון וואסער און אנדערע פליסיגקייטען.

hydrosul'phuret *n.* (האי-דרא-סאל'-פיו-רעט) אין כעמיע — א שוועפעל=פערבינדונג.

hydrotherapeu'tics *n.* (האי-דרא-טהער-ע-פיו'-טיקס) וואסער=הייל=מעטאדע [די בענוצונג פון וואסער אלס הייל=מיטעל].

hydrother'mal *a.* (האי-דרא-טהויר'-מעל) וואס איז ענטשטאנען דורך דער קראפט פון אנגעווארעמטען אדער הייסען וואסער; וואס איז שייך צו דער ווירקונג פון הייסען וואסער.

hydrotho'rax *n.* (האי-דרא-טהאו'-רעקס) ברוסט=קאסטען וואסערזוכט. ז. ***dropsy***

hy'drous *a.* (האי'-דראס) וואסערדיג, וואס ענטהאלט וואסער; וואס ענטהאלט וואסער=שטאף.

hydrox'id *n.* (האי-דראק'-סיד) א כעמישע פערבינדונג וואס ענטהאלט הידראקסיל [א פערבינדונג פון איין אטאם וואסער=שטאף און איין אטאם זויער=שטאף].

hydrox'ide *n.* (האי-דראק'-סיד) ז. ***hydroxid***

hydrox'yl *n.* (האי-דראק'-סיל) הידראקסיל [א כעמישע פערבינדונג וואס בעשטעהט פון איין אטאם וואסער=שטאף און איין אטאם זויער=שטאף און ערשיינט אין אלקאהאלען, זויערען און אין פיעלע כעמישע ארגאנישע פערבינדונגען].

Hydrozo'a *n.* (האי-דרא-זאו'-א) די הידראזאען [א נידריגער מין ווייכע אדער זשעלע=ארטיגע וואסער=בעשעפענישען, וועלכע געפינען זיך הויפטזעכליך אין ים].

hydrozo'al *a.* (האי-דרא-זאו'-על) וואס איז שייך צו די הידראזאען. ז. ***Hydrozoa***

hydrozo'an *a. and n.* (האי-דרא-זאו'-ען) וואס איז שייך צו די הידראזאען; א בעשעפעניש פון דעם מין הידראזאען. ז. ***Hydrozoa***

Hy'drus *n.* (האי'-דראס) א מין וואסער=שלאנגען: א געוויסע גרופע שטערען אין דרום'דיגען האלב=קוגעל פון דער ערד.

hy'en *n.* (האי'-ען) ז. ***hyena***

hye'na *n.* (האי-אי'-נא) די היענע [אזא ווילדע נאכט=חיה, וואס ערנעהרט זיך מיט נבלות און ריהעט פאנאנדער קברים].

Striped Hyena

hye'na-dog *n.* (האי-אי'-נא-דאג) דער ווילדער אפריקאנישער געפלעקטער הונד אדער יענער=הונד.

hyen'ic *a.* (האי-ענ'-איק) ווי א היענא. ז. ***hyena***

hy'etal *a.* (האי'-ע-טעל) וואס אנבעלאנגט צו רעגען אדער רעגען=פאל; רעגענדיג.

hy'etograph *n.* (האי'-ע-טא-גרעף) די רעגען=קארטע [וואס צייגט דעם דורכשניטליכען רעגען=פאל אויף דער ערד אדער אין א געוויסער געגענד].

hyetograph'ic *a.* (האי-ע-טא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער רעגען=צוטיילונג איבער דעם ערד=קוגעל אדער צו דעם טייל פון מעטעאראלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט אונטערזוכונגען וועגען דעם דורכשניטליכען רעגען=פאל אויף דער ערד אדער אין פערשיעדענע געגענדען.

hyetograph'ical *a.* (האי-ע-טא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***hyetographic***

hyetograph'ic map (האי-ע-טא-גרעפ'-איק מעפ) ז. ***hyetograph***

hyetog'raphy *n.* (האי-ע-טאג'-רע-פי) דער טייל פון מעטעאראלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט אונטערזוכונגען וועגען דעם רעגען=פאל און וועגען זיין צוטיילונג איבער'ן ערד=קוגעל.

hyetolog'ical *a.* (האי-ע-טא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דעם טייל פון מעטעאראלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט רעגענס.

hyetol'ogy *n.* (האי-ע-טאל'-א-דזשי) רעגען=קונדע, די וויסענשאפט וועגען רעגען, דער טייל פון מעטעאראלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט רעגענס.

hyetomet'rograph *n.* (האי-ע-טא-מעט'-רא-גרעף) אן אינסטרומענט אויטאמאטיש צו פערצייכנען ווען און וויפיעל רעגען עס איז געפאלען.

Hyge'ia *n.* (האי-דזשי'-א) היגיעא [די געטין פון געזונדהייט, אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

Hygeia

hyge'ian *a.* (האי-דזשי'-ען) היגיעניש, וואס איז שייך צו געזונדהייט.

hy'gieist *n.* (האי'-דזשי-איסט) א קענער אין היגיענע [געזונדהייטס=לעהרע].

hy'giene *n.* (האי'-דזשי-אין) היגיענע, געזונדהייטס=לעהרע.

hygien'ic *a.* (האי-דזשי-ענ'-איק) היגיעניש, וואס איז שייך צו היגיענע [געזונדהייטס=לעהרע].

hygien'ically *adv.* (האי-דזשי-ענ'-אי-קעל-אי) היגיעניש, לויט די פארשריפטען פון היגיענע [געזונדהייטס=לעהרע].

hygien'ics *n.* (האי-דזשי-ענ'-איקס) היגיענע [געזונדהייטס=לעהרע].

hy'gienism *n.* (האי'-דזשי-ען-איזם) ז. ***hygienics***

hy'gienist *n.* (האי'-דזשי-ען-איסט) א קענער אין היגיענע [געזונדהייטס=לעהרע].

hy'grodeik *n.* (האי'-גרא-דאיק) אזא אינסטרומענט צו מעסטען די פייכטקייט אין דער לופט.

hy'grograph *n.* (האי'-גרא-גרעף) אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די ענדערונגען אין דער לופט=פייכטקייט.

hygrom'eter *n.* (האי-גראמ'-ע-טער) א היגראמעטער, אן אינסטרומענט צום מעסטען די פייכטקייט אין דער לופט.



Hygrometer

hygromet'ric *a.* (האי-גרא-מעט'-ריק) היגראמעטריש, וואס איז שייך צו היגראמעטריע [דער טייל פון פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט פייכטקייט און הויפטזעכליך מיט דער פייכטקייט אין דער לופט]; וואס איז שייך צו אדער איז אבהענגיג פון דער לופט=פייכטקייט; וואס זויגט אין זיך איין פייכטקייט.

hygromet'rical *a.* (האי-גרא-מעט'-רי-קעל) ז. ***hygrometric***

hygrom'etry *n.* (האי-גראמ'-ע-טרי) היגראמעטריע, דער טייל פון פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט פייכטקייט אין שטאפען און הויפטזעכליך אין דער לופט, די קונסט צו מעסטען די לופט=פייכטקייט.

hy'groscope *n.* (האי'-גרא-סקאופ) א היגראסקאפ [אן אינסטרומענט צו בעשטימען אויב פייכטקייט געפינט זיך אין דער לופט].

Hygro-
scope

hygroscop'ic *a.* (האי-גרא-סקאפ'-איק) היגראסקאפיש, וואס איז שייך צו א היגראסקאפ [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די אנוועזענהייט פון פייכטקייט אין דער לופט]; וואס זויגט אין זיך איין פייכטקייט; עמפפינדליך צו פייכטקייט, פעראורזאכט פון פייכטקייט, וואס ווערט איינגעשרומפען אדער אויפגעשוואלען פון פייכטקייט אדער טרוקענקייט [וועגען פלאנצען].

hygroscop'ical *a.* (האי-גרא-סקאפ'-אי-קעל) ז. ***hygroscopic***

hygroscopic'ity *n.* (האי-גרא-סקא-פיס'-אי-טי) דאס זיין היגראסקאפיש, דאס קענען אין זיך איינזויגען פייכטקייט [וועגען פלאנצען].

hygrostat'ics *n.* (האי-גרא-סטעט'-איקס) די וויסענשאפט אדער די קונסט פון מעסטען די גרויס אדער גראדען פון פייכטקייט.

hyke *n. and int.* (האיק) אראביש געוואנט; היי! אטו! [אויסגעשריי ביי יאגד].

hy'licism *n.* (האי'-לי-סיזם) ז. ***hylism***

hy'licist *n.* (האי'-לי-סיסט) א מאטעריאליסט. ז. ***materialist***

hy'lism *n.* (האי'-ליזם) מאטעריאליזם [ז. ***materialism***]: די לעהרע, אז מאטעריע אדער דער חומר איז די אורזאכע פון אל=דאס=בייז.

hy'lobate *n.* (האי'-לא-בייט) דער גיבאן [אן אפע אהן אן עק און מיט לאנגע הענד].

hy'loist *n.* (האי'-לא-איסט) איינער וואס גלויבט, אז בלויז די מאטעריע איז גאט און אז אויסער דער מאטעריע קען קיין גאט ניט עקזיסטירען.

hy'lotheism *n.* (האי'-לא-טהי-איזם)

הילאטעאיזם, די לעהרע אז מאטעריע איז גאט, און קיין גאט אויסער מאטעריע עקזיסטירט ניט.

hy'lotheist *n.* (האי'-לא-טהי-איסט) איינער וועלכער האלט, אז קיין גאט אויסער מאטעריע עקזיסטירט ניט; איינער וועלכער גלויבט, אז די וועלט איז א קדמון.

hylozo'ic *a.* (האי-לא-זאו'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע, אז מאטעריע אדער שטאף איז בעלעבט. ז. ***hylozoism***

hylozo'ical *a.* (האי-לא-זאו'-אי-קעל) ז. ***hylozoic***

hylozo'ism *n.* (האי-לא-זאו'-איזם) הילאזאאיזם, די לעהרע, אז קיין טויטע מאטעריע איז ניטא און יעדע ארט מאטעריע אדער שטאף ענטהאלט אין זיך עלעמענטען פון לעבען.

hylozo'ist *n.* (האי-לא-זאו'-איסט) א הילאזאאיסט, איינער וואס האלט, אז יעדעס טיילכעלע פון מאטעריע אדער שטאף ענטהאלט אין זיך עלעמענטען פון לעבען

hylozois'tic *a.* (האי-לא-זא-איס'-טיק) וואס איז שייך צו הילאזאאיזם. ז. ***hylozoism***

hylozois'tically *adv.* (האי-לא-זא-איס'-טי-קעל-אי) לויט די הילאזאאיסטישע לעהרען. ז. ***hylozoism***

Hy'men *n.* (האי'-מען) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — הימען אדער הימענעאוס [דער גאט פון הייראט]; הייראט, חתונה.

hy'men *n.* (האי'-מען) דאס בתולים-הייטעל; א הייטעל.

hymene'al *a. and n.* (האי-מע-ני'-על) וואס געהערט צו עהע אדער הייראט; האכצייטליך; א האכצייטס-ליעד, א חתונה-ליעד.

hymene'an *a.* (האי-מע-ני'-ען) ז. ***hymeneal***

hyme'nial *a.* (האי-מי'-ני-על) וואס איז שייך צו עהע אדער הייראט; וואס איז שייך צום בתולים-הייטעל.

hymen'ic *a.* (האי-מען'-איק) ז. ***hymeneal***

hyme'nium *n.* (האי-מי'-ני-אם) אין באטאניק — א שיכט פון ספארען אדער מיקראסקאפישע צעלען, וועלכע בעדעקען דעם אויבערשטען טייל פון שוועמלעך און דיענען צו בעפרוכטונג.

hymenog'raphy *n.* (האי-מע-נאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די הייטלעך אין אן ארגאנישען קערפער.

hymenolog'ical *a.* (האי-מען-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו הימענאלאגיע. ז. ***hymenology***

hymenol'ogy *n.* (האי-מע-נאל'-א-דזשי) הימענאלאגיע, די לעהרע וועגען די הייטלעך אין אן ארגאנישען קערפער.

Hymenop'tera *n.* (האי-מע-נאפ'-טע-רא) די הויט-פליגעלדיגע [דער עכסטער מין אינזעקטען, צו וועלכען עס בעלאנגען די ביענען, מוראשקעס א. ד. ג., ביי וועלכע די פליגלען זיינען דינינקע הייטלעך מיט אדערען].

hymenop'teral *a.* (האי-מע-נאפ'-טע-רעל) ז. ***hymenopterous***

hymenop'terous *a.* (האי-מע-נאפ'-טע-ראס) וואס איז שייך צו די הויט-פליגעלדיגע. ז. ***Hymenoptera***

hymn *n. and v.* (הים) א הימנע, א לויב-געזאנג; לויבען; זינגען שבחים.

hym'nal *n. and a.* (הים'-נעל) א בוך פון לויב-געזאנגען אדער שבחים; וואס געהערט צו א לויב-געזאנג.

hymna'rium *n.* (הים-ניי'-רי-אם) ז. ***hymn-book***

hymn'-book *n.* (הים'-בוק) א בוך פון לויב-געזאנגען, סדור תהלות.

hym'nic *a.* (הים'-ניק) וואס געהערט צו לויב-געזאנגען.

hym'nist *n.* (הים'-ניסט) א דיכטער פון הימנען אדער לויב-געזאנגען.

hym'nodist *n.* (הים'-נא-דיסט) ז. ***hymnist***

hym'nody *n.* (הים'-נא-די) דאס זינגען הימנען אדער לויב-געזאנגען; הימנען.

hymnog'rapher *n.* (הים-נאג'-רע-פער) איינער וואס שרייבט הימנען אדער לויב-ליעדער.

hymnog'raphy *n.* (הים-נאג'-רע-פי) הימנאגראפיע, דאס שרייבען לויב-ליעדער.

hymnol'ogist *n.* (הים-נאל'-א-דזשיסט) א הימנאלאגיסט, איינער וועלכער שטודירט הימנען אדער לויב-ליעדער, זייער געשיכטע און זייער טיילונג; א הימנען-שרייבער.

hymnol'ogy *n.* (הים-נאל'-א-דזשי) הימנאלאגיע אדער די וויסענשאפט וועגען הימנען [זייער ענטשטעהונג, זייער ענטוויקלונג און זייער קלאסיפיקאציאן].

hymn'-tune *n.* (הים'-טיון) א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן אדער פערפאסונג פון א הימנע אדער לויב-געזאנג.

hymn'-wri'ter *n.* (הים'-ראי'-טער) ז. ***hymnist***

hy'oid *a. and n.* (האי'-איד) וואס האט די פארם פון גריכישען בוכשטאב איפסילאן [Υ]; וואס איז שייך צום צונג-ביין; דער צונג-ביין [דאס בעוועגליכע ביינדעל, וואס ליעגט נעבען גארגעל אונטער דער צונג].

hy'oid bone (האי'-איד באון) דער צונג-ביין. ז. ***hyoid***

hyoi'dean *a.* (האי-אי'-די-ען) ז. ***hyoid***

hyp *n. and v.* (היפ) שוואר-מוטה, מרה-שחורה, מעלאנכאליע; מאכען שוואר-מוטיג; ארויפווארפען א מרה-שחורה.

hypac'tic *a.* (הי-פעק'-טיק) וואס שווענקט אב אדער רייניגט אב דעם מאגען.

hypacu'sis *n.* (היפ-ע-קיו'-סיס) דאס הערען שוואך; די אבשוואכונג פון חוש השמיעה.

hypæ'thral *a.* (האי-פיע'-טהרעל) אהן א דאך; אפען צום הימעל [ווי א הויף אדער געוויסע אלטע טעמפלען].

hypæ'thron *n.* (האי-פיע'-טהראן) אין ארכיטעקטור — אן אפענער פלאץ, א טייל פון א געביידע וואס איז אהן א דאך.

hypal'lage *n.* (הי-פעל'-ע-דזשי) אין גראמאטיק — די היפאלאגע, דאס פערבייטען איין אויסדרוקס-פארם אויף א צווייטער [ווי למשל, "זיי האבען איהם אומגעקעהרט צו זיין מלוכה" אנשטאט "זיי האבען אומגעקעהרט זיין מלוכה צו איהם"].

hypas'pist *n.* (הי-פעס'-פיסט) דער היפאספיסט [א וואפען-טרעגער אין דער אלט-גריכישער ארמעע].

hyperalge'sia *n.* (האי-פער-על-דזשי'-סי-א) אן אוננארמאלעם שטארקעס פיהלען פון א וועהטאג.

hyperal'gia *n.* (האי-פער-על'-דזשי-א) ז. ***hyperalgesia***

hyperbat'ic *a.* (האי-פער-בעט'-איק) אין גראמאטיק — אומגעקעהרט, אומגעדרעהט [ביים נאטירליכען גאנג פון ווערטער, ווען למשל, אנשטאט "איך האב דיך ליעב" זאגט מען "ליעב דיך האב איך"].

hyper'baton *n.* (האי-פויר'-בע-טאן) אין גראמאטיק — דאס איבערטראגען א ווארט אדער עטליכע ווערטער פון זייער געוועהנליכען ארט, ווי למשל, "שטארק איז ער געווען" אנשטאט "ער איז געווען שטארק".

hyper'bola *n.* (האי-פויר'-בא-לא) אין געאמעטריע — א היפערבעל [די קרומע ליניע וואס בעקומט זיך ווען צוויי קאנוסען, וואס זיינען געשטעלט מיט די שפיצען איינער צום אנדערען, ווערען אין דער לענג דורכגעשניטען דורך א פלעכע].



Hyperbola

hyper'bole *n.* (האי-פויר'-בא-לי) א היפערבעל, אן איבערטרייבונג, פערגרעסערונג, א גוזמא.

hyperbol'ic *a.* (האי-פער-באל'-איק) היפערבאליש, איבערטריבען, פערגרעסערט, גוזמא'דיג; אין געאמעטריע — וואס איז שייך צו א היפערבעל. ז. ***hyperbola***

hyperbol'ical *a.* (האי-פער-באל'-אי-קעל) ז. ***hyperbolic***

hyperbol'ically *adv.* (האי-פער-באל'-אי-קעל-אי) אויף אן איבערטריבענעם, פערגרעסערטען אופן; היפערבאליש, גוזמא'דיג; אין געאמעטריע — אין דער פארם פון א היפערבעל. ז ***hyperbola***

hyperbol'iform *a.* (האי-פער-באל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א היפערבעל [א געוויסע געאמעטרישע פיגור. ז. ***hyperbola***].

hyper'bolism *n.* (האי-פויר'-בא-ליזם) היפערבאליזם, די לוסט צו איבערטרייבען אדער צו רעדען מיט גוזמאות.

hyper'bolist *n.* (האי-פויר'-בא-ליסט) א פערגרעסערער, אן איבערטרייבער, א בעל-גוזמא.

hyper'bolize *v.* (האי-פויר'-בא-לאיז) פערגרעסערען, מגזם זיין, איבערטרייבען.

hyperbol'ograph *n.* (האי-פויר-באל'-א-גרעף) א היפערבאלאגראף, אן אינסטרומענט צו צייכנען היפערבעלען. ז. ***hyperbola***

hyper'boloid *n.* (האי-פויר'-בא-לאיד) אין געאמעטריע — א היפערבאלאאיד [א קערפער וואס בעקומט זיך דורך דער בעוועגונג פון א היפערבעל ארום זיך אליין]. ז. ***hyperbola***

hyperbo'rean *a.* (האי-פער-באו'-רי-ען) היפערבארעאיש, נארדליך, ווייט צום צפון; ארקטיש; זעהר קאלט.

Hyperbo'rean *n. and a.* (האי-פער-באו'-רי-ען) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — איינער פון די היפערבארעער [א לעגענדאריש פאלק, וואס האט געוואהנט אין ווייטען צפון און געפיהרט זעהר א גליקליך לעבען]; וואס איז שייך צו די היפערבארעער.

hyperbu'lia *n.* (האי-פער-ביו'-לי-א) היפערבוליע [א קרענקליכער צושטאנד, ווען דער ווילען קען ווירקען אויף אזעלכע פונקציאנען פון ארגאניזם, אויף וועלכע ער קען ניט ווירקען אין נארמאלען צושטאנד, ווי למשל, די פעהיגקייט צו פערהאלטען אדער אבשטעלען לויט'ן אייגענעם ווילען דאס קלאפען פון הארץ א. ד. ג.].

hypercrit'ic *n.* (האי-פער-קריט'-איק) א צו שטרענגער קריטיקער; א מענש וואס זוכט אלץ חסרונות.

hypercrit'ical *a.* (האי-פער-קריט'-אי-קעל) צו שטרענג, וואס קריטיקירט צו שטארק.

hypercrit'ically *adv.* (האי-פער-קריט'-אי-קעל-אי) מיט א צו שטארקער קריטיק; צופיעל זוכענדיג חסרונות.

hypercrit'icise *v.* (האי-פער-קריט'-אי-סאיז) ז. *hypercriticize*

hypercrit'icism *n.* (האי-פער-קריט'-אי-סיזם) צו שטרענגע קריטיק.

hypercrit'icize *v.* (האי-פער-קריט'-אי-סאיז) קריטיקירען צו שטרענג; צופיעל זוכען חסרונות.

hyperduli'a *n.* (האי-פער-דיו-לאי'-א) די פערגעטערונג פון דער הייליגער מאריא [מרים] ביי די קאטויליקען.

hy'perduly *n.* (האי'-פער-דיו-לי) ז. *hyperdulia*

hyperem'esis *n.* (האי-פער-עמ'-ע-סיס) אין פאטאלאגיע — דאס צו שטארקע ברעכען [מייקענען].

hypere'mia *n.* (האי-פער-אי'-מי-א) אין פאטאלאגיע — א צו שטארקע צונויפפליסונג פון בלוט אין א געוויסען טייל פון קערפער.

hypergeom'etry *n.* (האי-פער-דזשי-אמ'-ע-טרי) געאמעטריע וועלכע האט צו טהאן מיט מעהר אלס דריי מעסטונגען [לענג, ברייט און הויך].

Hyper'icum *n.* (האי-פויר'-אי-קאם) יאהאנעס-קרויט [א מין גראזען מיט געלבע בליטהען און מיט בלעטער וואס האבען פיעל דורכזיכטיגע פינטלעך. ווערען בענוצט אין מעדיצין].

Hypericum

hypermetamor'phism *n.* (האי-פער-מעט-ע-מאר'-פיזם) היפערמעטאמארפיזם [די ארט פון ענטוויקלונג ביי געוויסע אינזעקטען, ווי זשוקעס א. ד. ג., ביי וועלכע די לארווא און די פופע מאכען פיעל מעהר מעטאמארפאזען אדער געהען דורך פיעל מעהר פערענדערונגס-שטופען איידער אנדערע אינזעקטען].

hypermetamor'phosis *n.* (האי-פער-מעט-ע-מאר'-פא-סיס) ז. *hypermetamorphism*

hyper'meter *n.* (האי-פויר'-מע-טער) אין דיכטונג — א פערז, וועלכער האט צום סוף אן איבעריגע זילבע, ווי למשל:

א'-איהר ‖ קליי'-נע ‖ ליב'-טע ‖ לעך,
איהר'-דער ‖ צעהלט'-גע ‖ שיכ'-טע ‖ לעך.

hypermet'ric *a.* (האי-פער-מעט'-ריק) אין דיכטונג — וואס האט אן איבעריגע זילבע אין א פערז.

hypermet'rical *a.* (האי-פער-מעט'-רי-קעל) ז. *hypermetric*

hypermet'rope *n.* (האי-פער-מעט'-ראופ) א ווייטזיכטיגער, איינער וואס זעהט ניט פון נאהענט.

hypermetro'pia *n.* (האי-פער-מע-טראו'-פי-א) היפערמעטראפיע, ווייטזיכטיגקייט.

hypermet'ropy *n.* (האי-פער-מעט'-רא-פי) ז. *hypermetropia*

hy'pernic *n.* (האי'-פער-ניק) ניקאראגוא-האלץ, א מין רויט האלץ.

hypernor'mal *a.* (האי-פער-נאר'-מעל) איבערנארמאל, העכער איידער דער נארמאלער צושטאנד.

hypernutri'tion *n.* (האי-פער-ניו-טריש'-אן) איבערשטאפונג, דאס איבערעסען זיך.

hyperop'sia *n.* (האי-פער-אפ'-סי-א) זעהר א שארפע ראיה.

hyperorex'ia *n.* (האי-פער-א-רעק'-סי-א) אין פאטאלאגיע — א קרענקליכער צושטאנד ווען דער מענש איז קיינמאל ניט זאט, א שטענדיגער הונגער.

hyperor'thodox *a.* (האי-פער-אר'-טהא-דאקס) אן עקסטרעמער ארטאדאקס, א גרויסער רעאקציאנער.

hyperor'thodoxy *n.* (האי-פער-אר'-טהא-דאק-סי) דאס זיין צופיעל ארטאדאקס; עקסטרעמע ארטאדאקסיע.

hyperos'mia *n.* (האי-פער-אס'-מי-א) א צו שטארקע עמפפינדליכקייט צו פערשיעדענע ריחות.

hyperosto'sis *n.* (האי-פער-אס-טאו'-סיס) א קרענקליכער צושטאנד ווען א ביין וואקסט ארויס פון אן אנדער ביין; א נארמאלע פאנאנדערוואקסונג פון ביין-געוועב אין א קערפער.

hyperphys'ical *a.* (האי-פער-פיז'-אי-קעל) איבערנאטירליך, ניט מאטעריעל.

hypersarco'ma *n.* (האי-פער-סאר-קאו'-מא) ווילד-פלייש [אויף'ן קערפער].

hypersarco'sis *n.* (האי-פער-סאר-קאו'-סיס) ז. *hypersarcoma*

hy'persthene *n.* (האי'-פער-סטהין) היפערסטהין [א מין גרוי אדער גרין-שווארצליכער מינעראל מיט בלישטשענדע קופער-רויטליכע פינטעלעך].

hyperten'sion *n.* (האי-פער-טענ'-שאן) א צו שטארקע אנגעצויגענקייט אדער אנשטרענגונג.

hypertroph'ic *a.* (האי-פער-טראפ'-איק) וואס איז שייך צו היפערטראפיע. ז. *hypertrophy*

hypertroph'ical *a.* (האי-פער-טראפ'-אי-קעל) היפערטראפיש, איבערגעוואקסען די מאס.

hyper'trophy *n. and v.* (האי-פויר'-טרא-פי) אין פאטאלאגיע — היפערטראפיע, אן אוננארמאלע פאנאנדערוואקסונג פון א געוויסען טייל פון קערפער; יעדע צו גרויסע אויסוואקסונג אדער אנקלייבונג; אין באטאניק — א צו גרויסע וויקסונג פון א געוויסען ארגאן פון א פלאנצע; צופיעל פאנאנדערוואקסען זיך.

hype'thral *a.* (האי-פיע'-טהרעל) ז. *hypæthral*

hy'phen *n. and v.* (האי'-פען) דאס בינדע-שטריכעלע צווישען זילבען אדער ווערטער [-]; פעראייניגען צוויי זילבען אדער ווערטער דורך א בינדע-שטריכעלע.

hy'phenate *v.* (האי'-פען-אייט) אריינשטעלען א בינדע-שטריכעלע צווישען צוויי זילבען אדער ווערטער.

hyphena'tion *n.* (האי-פע-ניי'-שאן) דאס בענוצען זיך מיט פערבינדונגס-שטריכעלעך; דאס אריינשטעלען א פערבינדונגס-שטריכעלע צווישען צוויי ווערטער אדער זילבען.

hyphen'ic *a.* (האי-פענ'-איק) וואס איז שייך צו א בינדע-שטריכעלע. ז. *hyphen*

hypheniza'tion *n.* (האי-פענ-אי-זיי'-שאן) דאס צוזאמענבינדען צוויי ווערטער אדער זילבען מיט א בינדע-שטריכעלע.

hy'phenize *v.* (האי'-פענ-איז) צוזאמענבינדען צוויי ווערטער אדער זילבען מיט א בינדע-שטריכעלע.

hypnagog'ic *a.* (היפ-נע-גאדזש'-איק) וואס שלעפערט איין, וואס היפנאטיזירט.

hypnoba'tia *n.* (היפ-נא-ביי'-טי-א) א מין קראנקהייט, ווען דער מענש טהוט אין שלאף פערשיעדענע זאכען [געהט, לויפט, קלעטערט א. ד. ג.], ווי וואכעדיגערהייד; נאכט-וואנדלונג, סאמנאמבוליזם.

hyp'nody *n.* (היפ'-נא-די) א צו לאנגע פעריאדע פון שלאף אדער אונבאוועגליכקייט אין לעבען פון אן אינזעקט; די לאגע פון דעם אינזעקט אין דיעזער פעריאדע.

hyp'noid *a.* (היפ'-נאיד) ענהליך צו היפנאטיזם אער צו א היפנאטישען צושטאנד. ז. *hypnotism*

hypnoi'dal state (היפ-נאי'-דעל סטייט) אן אוננארמאלער צושטאנד, ווען שטיקלעך פון א פערגאנגענער פאסירונג, וועגען וועלכער דער מענש האט געהאט זעהר א טונקעלע פארשטעלונג און קיינמאל ניט נעדענקט וועגען איהר, ערשיינען אין זיין בעוואוסטזיין אין א קלארער און ריכטיגער געשטאלט.

hypnoi'dic state (היפ-נאי'-דיק סטייט) אן אוננארמאלער צושטאנד, ווען א גאנצע פערגאנגענע פאסירונג, וועגען וועלכער דער מענש האט געהאט זעהר א טונקעלע פארשטעלונג און קיינמאל ניט נעדענקט וועגען איהר, ערשיינט אין זיין בעוואוסטזיין אין א קלארער און ריכטיגער געשטאלט.

hypnoidiza'tion *n.* (היפ-נאי-די-זיי'-שאן) דאס שטעלען א מענשען אין א צושטאנד פון לייכטען היפנאז. ז. *hypnosis*

hypnol'ogy *n.* (היפ-נאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועלכע שטודירט אלע ערשיינונגען פון שלאף.

hypnopho'bia *n.* (היפ-נא-פאו'-בי-א) היפנאפאביע, א קרענקליכער צושטאנד ווען דער מענש האט מורא צו שלאפען.

hypno'sis *n.* (היפ-נאו'-סיס) דאס איינשלעפערען, דער שלאף; היפנאז אדער היפנאטישער צושטאנד. ז. *hypnotism*

hypnot'ic *a. and n.* (היפ-נאט'-איק) איינשלעפערענד, וואס מאכט איינשלאפען; היפנאטיש, וואס איז שייך צו היפנאטיזם; א מיטעל איינצושלעפערען, א שלאף-טרונק; איינער וואס איז היפנאטיזירט געווארען. ז. *hypnotism*

hypnot'ically *adv.* (היפ-נאט'-אי-קעל-אי) דורך היפנאטיזם. ז. *hypnotism*

hyp'notisable *a.* (היפ'-נא-טאי-זעבל) ז. *hypnotizable*

hypnotisa'tion *n.* (היפ-נא-טי-זיי'-שאן) ז. *hypnotization*

hyp'notism *n.* (היפ'-נא-טיזם) היפנאטיזם [אן אוננארמאלער גייסטיגער צושטאנד ביי מענשען און חיות, וואס איז ענהליך צו שלאף, נאר אונטערשיידעט זיך פון איהם מיט פיעל כאראקטעריסטישע בעזונדערהייטען. אין היפנאטישען צושטאנד פערלירט דער מענש זיין אייגענעם ווילען און טהוט אויטאמאטיש פערשיעדענע זאכען אונטער דעם איינפלוס פון דעם, וועלכער האט איהם פערשלעפערט].

hyp'notist *n.* (היפ'-נא-טיסט) א היפנאטיסט, איינער וועלכער שלעפערט איין אן

אנדערען און ברייננט איהם אין א היפנאטישען צושטאנד. ז. ***hypnotism***

hypnotis'tic *a.* (היפ-נא-טיס'-טיק) היפנאטיש, וואס איז שייך צו היפנאטיזם.

hypnotizabil'ity *n.* (היפ-נא-טאי-זע-ביל'-אי-טי) היפנאטיזירבארקייט, דאס קענען היפנאטיזירט ווערען.

hyp'notizable *a.* (היפ'-נא-טאי-זעבל) וואס קען היפנאטיזירט ווערען.

hypnotiza'tion *n.* (היפ-נא-טי-זיי'-שאן) דאס היפנאטיזירען אדער דאס ווערען היפנאטיזירט, היפנאטיזירונג.

hyp'notize *v.* (היפ'-נא-טאיז) היפנאטיזירען.

hyp'notizer *n.* (היפ'-נא-טאי-זער) איינער וואס היפנאטיזירט דעם אנדערען.

Hyp'num *n.* (היפ'-נאם) א מין מאך-געוויקסען, וועלכע האבען שטעכיגע צווייגעלעך און בלעטעלעך וואס וואקסען פון איין זייט.

hypob'ole *n.* (האי-פאב'-א-לי) אן ארט רעדע, אין וועלכער דער רעדנער ברייננט די ערווידערונגען פון פערשיעדענע נעגנער און ענטפערט אויף זיי.

hyp'ocaust *n.* (היפ'-א-קאהסט) אן אויווען אין קעלער פון הויז, פון וועלכען עס געהען ארוים רעהרען און ווארעמען דאס גאנצע הויז.

hypochon'dria *n.* (האי-פא-קאנ'-דרי-א) היפאכאנדריע, אן אונגארמאלער צושטאנד, ווען דער מענש גיט זיך אב צופיעל מיט זיך און מיינט, אז ער איז פיעל קראנקער איידער אין דער ווירקליכקייט; שווערמוטיגקייט, מעלאנכאליע.

hypochon'driac *n. and a.* (האי-פא-קאנ'-דרי-עק) א היפאכאנדריק, איינער וואס מיינט אלץ אז ער איז זעהר קראנק; א שווער-מוטיגער מענש; היפאכאנדריש, וואס לייזדעט פון היפאכאנדריע. ז. ***hypochondria***

hypochondri'acal *a.* (האי-פא-קאנ-דראי'-ע-קעל) היפאכאנדריש, מעלאנכאליש, שווערמוטיג, אומעדיג.

hypochondri'acism *n.* (האי-פא-קאנ-דראי'-ע-סיזם) ז. ***hypochondria***

hypochondri'asis *n.* (האי-פא-קאנ-דראי'-ע-סיס) ז. ***hypochondria***

hypochon'driast *n.* (האי-פא-קאנ'-דרי-עסט) דער היפאכאנדריק, דער מעלאנכאליקער.

hypochon'drium *n.* (האי-פא-קאנ'-דרי-אם) אין אנאטאמיע — דער טייל פון בויך אין ביידע זייטען גלייך אונטער די ריפען.

hypoc'risy *n.* (הי-פאק'-רי-סי) היפאקריטסטווע, פערשטעלטקייט, צביעות, צבוע'צטווע.

hyp'ocrite *n.* (היפ'-א-קריט) א היפאקריט, א פערשטעלטער מענש, א צבוע, א צבוע'ק.

hypocrit'ical *a.* (היפ-א-קריט'-אי-קעל) היפאקריטיש, פערשטעלט, פערמאסקירט, ווי א צבוע'ק.

hypocrit'ically *adv.* (היפ-א-קריט'-אי-קעל-אי) מיט פערשטעלטקייט, מיט פאלשקייט, מעשה צבוע'ק.

hy'poderm *n.* (האי'-פא-דוירם) דער צעלען-שיכט ביי אן אינזעקט אונטער דעם אויסערליכען הייטעל; א שיכט פארבלאזע צעלען אונטער דעם אויבערשטען הייטעל פון א בלאט.

hypoder'ma *n.* (האי-פא-דויר'-מא) אין באטאניק — דער שיכט פון פארבלאזע צעלען, וואס ליעגט אונטער דעם אויבערשטען הייטעל פון א בלאט.

hypoder'mic *a.* (האי-פא-דויר'-מיק) וואס געפינט זיך אונטער דער הויט; וואס איז שייך צום שטח פון אונטער-דער הויט.

hypogas'tric *a.* (האי-פא-געס'-טריק) וואס געהערט דעם אונטער-לייב; וואס געפינט זיך אונטער דעם מאגען.

hypogas'trium *n.* (האי-פא-געס'-טרי-אם) דאס אונטער-לייב, דער אונטערשטער טייל פון בויך.

hypoge'al *a.* (האי-פא-דזשי'-על) וואס וואקסט אונטער דער ערד.

hypoge'an *a.* (האי-פא-דזשי'-ען) ז. ***hypogeal***

hy'pogene *a.* (האי'-פא-דזשין) פלוטאניש, אויסגעבילדעט אינווענינ אין דער ערד [ווענען פעלזען].

hypog'enous *a.* (האי-פאדזש'-ע-נאס) וואס וואקסט אונטער דער ערד.

hypoge'ous *a.* (האי-פא-דזשי'-אס) ז. ***hypogeal***

hypoge'um *n.* (האי-פא-דזשי'-אם) דאס אונטעראירדישע געוועלב פון א געביידע, א קעלער-געוועלב.

hypoglos'sal *a. and n.* (האי-פא-גלאס'-על) וואס געפינט זיך אונטער דער צונג [ווענען געוויסע נערוועז]; איינער פון די נערוועז וואס געפינען זיך אונטער דער צונג.

hypoglos'sis *n.* (האי-פא-גלאס'-איס) דער אונטערשטער טייל פון דער צונג.

hypoglot'tis *n.* (האי-פא-גלאט'-איס) ז. ***hypoglossis***

hypogyn'ic *a.* (האי-פא-דזשינ'-איק) וואס געפינט זיך אונטער דעם פיסטיל [ווייבליכער געשלעכטס-ארגאן ביי פלאנצען].

hypog'ynous *a.* (האי-פאדזש'-אי-נאס) ז. ***hypogynic***

hypomoch'lion *n.* (האי-פא-מאק'-לי-אן) דער שטיץ-פונקט [פון א הויב-מאשין].

hypophos'phate *n.* (האי-פא-פאס'-פייט) אונטער-פאספאר-זויער-זאלץ [א געוויסער כעמישער פראדוקט].

hypophos'phite *n.* (האי-פא-פאס'-פאיט) ז. ***hypophosphate***

hypophos'phorous *a.* (האי-פא-פאס'-פא-ראס) אין כעמיע — וואס ענטהאלט ווענינער זויער-שטאף ווי עס געפינט זיך אין פאספאר-זויערע.

hypophos'phorous ac'id (האי-פא-פאס'-פא-ראס עס'-איד) אונטער-פאספאר-זויערע [א כעמישע פעראייניגונג פון פאספאר, וואסער-שטאף און זויער-שטאף, ביי וועלכער די מאס פון זויער-שטאף איז קלענער ווי אין געוועהנליכע פאספאר-זויערע].

hypo'pyum *n.* (האי-פאו'-פי-אם) אן אייטער-אויג [אן אייטער-אנזאמלונג אין אויג].

hypos'tasis *n.* (האי-פאס'-טע-סיס) א גרונד, א יסוד, א באזיס; אין דער קריסטליכער רעליגיאן — איינע פון די דריי איינהייטען [גאט — דער פאטער, גאט — דער זוהן און גאט — דער הייליגער גייסט] וועלכע שטעלען מיט זיך פאר איין איינציגען און אונטיילבארען געטליכען עצם; אין פילאזאפיע — א היפאטעטישע זאך, א פארם אדער צושטאנד פון עפעס ווענען וועלכע מען דענקט, אז דאס איז ניט בלויז א פארם, נאר א רעאלע זאך, וועלכע עקזיסטירט אז און פאר זיך; ביי די אמאליגע אלכעמיסטען — א פרינציפ אדער עלעמענט [איינע פון די דריי שטאפען — קוועקזילבער, שוועבעל און זאלץ — וועלכע זיינען, לויט זייערע לעהרען, די גרונד-עלעמענטען פון אלע מאטעריעלע קערפער]; אין מעדיצין — דער אבזאץ פון אורין וואס פערבלייבט אין קערפער און פערארזאכט א קראנקהייט; א קרענקליכער איבערפלוס פון בלוט אין די הינטערשטע טיילען פון די לונגען און די פיס צוליעב א לאנגען ליעגען אונבעוועגט אויף איין ארט.

hypos'tasize *v.* (האי-פאס'-טע-סאיז) ז. ***hypostatize***

hypos'tasy *n.* (האי-פאס'-טע-סי) ז. ***hypostasis***

hypostat'ic *a.* (האי-פא-סטעט'-איק) היפאסטעטיש, וועזענטליך; פערזענליך; אין מעדיצין — וואס בעקומט זיך פון דעם דרוק אראב; וואס נעהמט זיך פון א שטענדיגען ליעגען אויף איין ארט.

hypostat'ical *a.* (האי-פא-סטעט'-אי-קעל) ז. ***hypostatic***

hypostat'ically *adv.* (האי-פא-סטעט'-אי-קעל-אי) אויף א היפאסטאטישען אדער וועזענטליכען שטייגער; אויף א פערזענליכער ארט. ז. ***hypostasis***

hypos'tatize *v.* (האי-פאס'-טע-טאיז) צושרייבען צו עפעס א פערזענליכע עקזיסטענץ; פארשטעלען עס אלס א זאך וואס עקזיסטירט אז און פאר זיך. ז. ***hypostasis***

hyposul'phite *n.* (האי-פא-סאל'-פאיט) אונטער-שוועבעל זויער-זאלץ [א כעמישער שטאף וואס ווערט געברויכט אין פאטאגראפיע און ביי טוך-פארבער].

hyposul'phurous ac'id (האי-פא-סאל'-פויר-אס עס'-איד) די אונטער-שוועבעל-זויערע [אזא שוועבעל-זויערע, וועלכע ענטהאלט אין זיך ווענינער זויער-שטאף ווי געוועהנליכע שוועבעל-זויערע].

hypot'enuse *n.* (האי-פאט'-ע-ניוס) אין געאמעטריע — די היפאטענוזע, די לענגסטע זייט אדער די שרעגע ליניע פון א רעכטווינקעלדיגען דרייעק.



ab. Hypotenuse

hypoth'ec *n.* (האי-פאטה'-עק) א היפאטעקע אדער זאקלאדנע [די פערזיכערונג פון א חוב מיט אונבעוועגליכען אייגענטום].

hypoth'ecary *a.* (האי-פאטה'-אי-קע-רי) וואס איז שייך צו א היפאטעקע אדער זאקלאדנע. ז. ***hypothec***

hypoth'ecary cred'itor (האי-פאטה'-אי-קע-רי קרעד'-אי-טאר) דער היפאטעקער [איינער וואס לייהט געלד אויף אונבעוועגליכען אייגענטום].

hypoth'ecary debt (האי-פאטה'-אי-קע-רי דעט) א היפאטעקען שולד [א חוב, וועלכער איז פערזיכערט מיט אונבעוועגליכען אייגענטום].

hypoth'ecate *v.* (האי-פאטה'-אי-קייט) געבען א היפאטעקע אדער זאקלאדנע, פערזיכערען א חוב מיט אונבעוועגליכען אייגענטום.

hypotheca'tion *n.* (האי-פאטה-אי-קיי'-שאן) א היפאטעקע אדער פערזיכערונג פון א חוב מיט אונבעוועגליכען אייגענטום, ווי א הויז אדער לאנד [דער מלוה נעהמט אלס משכון נאר דעם קאנטראקט פון הויז אדער לאנד, אבער ניט דאס הויז אדער לאנד אליין]; א הלואה וואס ווערט גענומען אונטער דער פערזיכערונג פון א שיף אדער די סחורות וואס זי פיהרט.

hypoth'ecator *n.* (האי-פאטה'-אי-קיי-טאר) איינער וואס פער'משכון'ט עפעס אדער לעגט איין א פערזיכערונג פאר א חוב.

hypoth'enuse *n.* (האי-פאטה'-ע-ניוס) ז. *hypotenuse*

hypoth'esis *n.* (האי-פאטה'-ע-סים) א היפאטעזע, א השערה; א טעאריע, וועלכע איז נאך ניט דערוויזען געווארען שטרענג-וויסענשאפטליך.

hypothet'ic *a.* (האי-פא-טהעט'-איק) היפאטעטיש, לויט השערה, פארויסגעזעצט, בלויז אנגענומען, אונבעוויזען.

hypothet'ical *a. and n.* (האי-פא-טהעט'-אי-קעל) היפאטעטיש; בלויז אנגענומען; לויט השערה; א סברה, א מיינונג, וועלכע בויט זיך בלויז אויף א השערה און ניט אויף ווירקליכע פאקטען.

hypothet'ically *adv.* (האי-פא-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א היפאטעטישען שטייגער; בלויז אויף א השערה.

hypotypo'sis *n.* (האי-פא-טי-פאו'-סים) א לעבהאפטע בעשרייבונג פון עפעס; דאס בעשרייבען א זאך אזוי, אז עס ווייזט זיך אוים ווי מען זעהט זי פאר די אויגען.

hypsomet'rical *a.* (היפ-סא-מעט'-רי-קעל) היפסאמעטריש, וואס איז שייך צו דער אויסמעסטונג פון הויכע געגענשטענדע [ווי זעהר הויכע בערג א. ד. ג.].

hypsom'etry *n.* (היפ-סאמ'-ע-טרי) היפסאמעטריע, די אויסמעסטונג פון הויכע געגענשטענדע, ווי בערג מיט דער הילף פון א באראמעטער, טערמאמעטער א. ד. ג

hyrse *n.* (הוירס) הירזש, פראסע.

hy'son *n.* (האיסן) א מין גרינער טהעע.

hys'sop *n.* (היס'-אפ) דער איזאפ [א מין פלאנצע מיט לאנגע פערשפיצטע בלעטער און מיט בלויע בלומען. וואקסט אויף פעלזען און אין גערטנער. ווערט געברויכט אין דער מעדיצין. אין דער ביבעל ווערט זי גערופען איזוב].

Hyssop

hysteral'gia *n.* (היס-טע-רעל'-דזשי-א) נייראלגיע אין דער געבעהר-מוטער.

hysteral'gic *a.* (היס-טע-רעל'-דזשיק) וואס איז שייך צו נייראלגיע אין דער געבעהר-מוטער.

hysterec'tomy *n.* (היס-טע-רעק'-טא-מי) דאס אויסשניידען די געבעהר-מוטער.

hyste'ria *n.* (היס-טי'-רי-א) היסטעריע [א נערווען-קראנקהייט, וועלכע קומט מייסטענס פאר ביי פרויען, וואס דריקט זיך אוים אפט אין קאנוואולסיאנען און בעזאנדערם אין א קרענקליכען פסיכישען צושטאנד, ווען דער קראנקער פערלירט די קאנטראל איבער זיינע בעוועגונגען און ביי איהם בייט זיך אום דער כאראקטער, די פיהלונגען און שטימונג]; אן אויפגערעגטער צושטאנד; אזא אויפגעבראכטקייט, ווען דער מענש פערלירט די קאנטראל איבער זיך.

hyster'ic *a. and n.* (היס-טער'-איק) היסטעריש, וואס איז שייך צו היסטעריע; א היסטעריקער, איינער וואס לײדעט פון היסטעריע. ז. *hysteria*

hyster'ical *a.* (היס-טער'-אי-קעל) ז. *hysteric*

hyster'ically *adv.* (היס-טער'-אי-קעל-אי) אויף א היסטערישען שטייגער; קאנוואולסיוו; מיט ספאזמען.

hyster'ics *n.* (היס-טער'-איקס) היסטעריקע; ספאזמען, קראמפף.

hysteri'tis *n.* (היס-טע-ראי'-טים) ענטצינדונג פון דער געבעהר-מוטער.

hys'terocele *n.* (היס'-טע-רא-סיל) דער מוטער-ברוך [א קילע ביי א פרוי].

hys'teroid *a.* (היס'-טע-ראיד) עהנליך צו היסטעריע. ז. *hysteria*

hysterol'ogy *n.* (היס-טע-ראל'-א-דזשי) היסטעראלאגיע, דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער געבעהר-מוטער.

hysterot'omy *n.* (היס-טע-ראט'-א-מי) אין כירורגיע — די אויפשניידונג פון דער געבעהר-מוטער.

I

I, i (אי) דער נײנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

I *pr. and n.* (אי) איך; דער "איך".

I. אבקירצונג פון *Idaho* [אידעהא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד אמעריקא].

Ia. אבקירצונג פון *Iowa* [איאווא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד אמעריקא].

i'amb *n.* (אי'-עמב) ז. *iambus*

iam'bic *a.* (אי-עמ'-ביק) יאמביש, וואס איז שייך צו א יאמב, וואס בעשטעהט פון יאמבען; וואס געברויכט יאמבען. ז. *iambus*

iam'bical *a.* (אי-עמ'-בי-קעל) ז. *iambic*

iam'bically *adv.* (אי-עמ'-בי-קעל-אי) יאמביש; ווי א יאמב.

iambog'rapher *n.* (אי-עמ-באג'-רע-פער) א שרייבער פון יאמבישער פאעזיע; איינער וואס געברויכט דעם יאמב-פערזען-פוס. ז. *iambus*

iam'bus *n.* (אי-עמ'-באס) א יאמב [א פערזען-פוס פון צוויי זילבען מיט דעם אקצענט אויף דער צווייטער זילבע, ווי: שטעהט-אויף', || איהר-אונ' || טער-דריק' || טע-מא'- || סען].

ib. אן אבקירצונג פון *ibidem*

i'bex *n.* (אי'-בעקס) א מין ווילדע ציעג; דער שטיינבאק.

Ibex

ibid. אן אבקירצונג פון *ibidem*

ibi'dem *adv.* (אי-באי'-דעם) אין דעמזעלבינגען ארט, אין דעם שוין אנגעצייכנטען פלאץ [ווען מען רעפערירט צו א פלאץ אין א בוך].

i'bis *n.* (אי'-ביס) דער איביס [אזא זומפ-פויגעל מיט א רונדען נאך אונטען געבויגענעם שנאבעל].

Ibis

Ica'rian *a. and n.* (אי-קיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו איקאריע [אין גריכענלאנד]; וואס איז שייך צו איקארוס [וועלכער איז, לויט דער אלט-גריכישער לעגענדע, אויף וואקסענע פליגעל געפלויגען אזוי הויך, אז די זון האט זיי צושמאלצען און ער איז אריינגעפאלען אין ים]; הויך-פליהענד, אונטערנעהמענד, וואגענד; וואס איז שייך צום פאנטאסטישען גליקליכען לאנד איקאריע [פון דער פאנטאזיע "א רייזע נאך איקאריע" פון דעם פראנצויזישען אוטאפיסטישען סאציאליסט עטיען קאבע] אדער צו קאבע'ס קאמוניסטישע קאלאניעס; איקאריש; וואס איז שייך צו די קאמוניסטישע פרינציפען פון עטיען

קאבע; אן איינוואהנער פון איקאריע; א מיטגליעד פון קאבע'ס קאלאניעס; אן אנהענגער פון קאבע.

Ica'rianism *n.* (אי-קיי'-רי-ענ-איזם) די קאמוניסטישע סיסטעם פון דעם פראנצויזישען אוטאפיסטישען סאציאליסט עטיען קאבע.

ice *n. and v.* (איס) אייז; בעצוקערונג, צוקער=גלאזור [אויף געבעקס]; אייז=קרעם, געפרארענעס [מאראזשענע]; בעדעקען מיט אייז; פערפרירען; פערוואנדלען אין אייז; האלטען אויף אייז; געברויכען צו עפעס אייז; בעצוקערען, בעדעקען מיט צוקער=גלאזור.

ice'-an'chor *n.* (איס'-ענ'-קאר) דער אייז=אנקער [צו בעפעסטיגען א שיף צום אייז].

ice'-a'pron *n.* (איס'-איי'-פראן) אן אייז=ברעכער ביי א בריק [א פארריכטונג ביי א בריק צום צוהאקען די גרויסע שווימענדע שטיקער אייז].

ice'-au'ger *n.* (איס'-אה'-גער) אן אינסטרומענט צו מאכען פאלאנקעס אדער פראליוועס [לעכער אין אייז] פאר פישפאנג.

ice'-ax *n.* (איס'-עקס) אן אייז=האק [אזא האק צום האקען אייז, הויפטזעכליך אזא וואס ווערט געברויכט אין די אלפישע בערג אויסצוהאקען טרעפלעך אויף משופע'דיגע בערג וועלכע זיינען בעדעקט מיט אייז].

ice'-bag *n.* (איס'-בעג) אן אייז=פענכער.

ice'-belt *n.* (איס'-בעלט) דער אייז=פאס [ארום ברעג פון ים אין די קאלטע געגענדען].

ice'berg *n.* (איס'-בוירג) אן אייז=בארג [א ריעזיגע, שווימענדע, הויכע שטיק אייז].



Iceberg

ice'-blink *n.* (איס'-בלינק) א גלאנצינגע ווייסקייט אין דער לופט, וואס קומט פון שנעע אדער אייז [דיעזער גלאנץ זעהט זיך אפט אויף א פאר צעהנדליג מייל].

ice'-boat *n.* (איס'-באוט) א שליטען=שיף [מיט וועלכער מען פאהרט אויף'ן אייז]; א שיף דורכצוברעכען אייז.

ice'-bone *n.* (איס'-באון) דער שוויס=ביין אדער רומפ=ביין [אין אקסען=פלייש].

ice'-bound *a.* (איס'-באונד) פערשטעלט פון אייז, פערהאלטען פון אייז, איינגעפרארען.

ice'-box *n.* (איס'-באקס) אן אייז=שראנק, אן אייז=אלמער.

ice'-brea'ker *n.* (איס'-ברייי'-קער) אן אייז=ברעכער, א מאשין צום צושלאגען אייז אין קליינע שטיקלעך, א פארריכטונג צו בעשיצען בריקען אדער א האפען פון שווימענדען אייז; א שיף אויפצוברעכען דאס אייז אין טייך; דער גרויסער פאלאר=וואלפיש.

ice'-brook *n.* (איס'-ברוק) אן אייז=קאלט טייכעל, אן אייז=קאלטער שטראם.

ice'-built *a.* (איס'-בילט) פון אייז, וואס בעשטעהט פון אייז.

ice'-cap *n.* (איס'-קעפ) דאס שטענדיגע אייז אדער שטענדיגער שנעע וואס בעדעקט די שפיצען פון הויכע בערג; אן אייז=פענכער.

ice'-chest *n.* (איס'-טשעסט) א קיהל=צימער, אן אייז=צימער [אין הייזער].

ice'-claw *n.* (איס'-קלאה) אן אייז=צוואנג [צו טראגען שטיקער אייז].

Ice-claw

ice' - clos'et *n.* (איס'-קלאז'-עט) א גרויסער אייז=שראנק; אן אייז=צימער וואס איז אויסגעמאכט ווי א שראנק.

ice'-cold *a.* (איס'-קאולד) אייז=קאלט.

ice'-cream *n.* (איס'-קריעם) אייז=קרעם [מאראזשענע, געפרארענעס].

ice'-crush'er *n.* (איס'-קראש'-ער) אן אפאראט צו צושטויסען אדער צו צוברעקלען אייז.

iced *a.* (איסט) בעדעקט מיט אייז, פערוואנדעלט אין אייז, פערפרויהען; געקיהלט דורך אייז; בעדעקט מיט צוקער=גלאזור; בעדעקט ווי מיט געפרוירענעם טוי [ווענען פלאנצען].

ice'-drift *n.* (איס'-דריפט) שווימענדע אייז=מאסען, שווימענדע קריהעס.

ice'-drops *n.* (איס'-דראפס) אייז=טראפען [דורכזיכטיגע טיילעכלעך אויף פלאנצען, וועלכע זיינען ענליך צו אייז=טראפען].

iced sug'ar (איסט שוג'-אר) צוקער=גלאזור.

ice'-el'evator *n.* (איס'-על'-אי-וויי-טאר) א מאשין אויפצוהויבען שטיקער אייז פון וואסער.

ice'-escape' *n.* (איס'-עס-קייפ') א פארריכטונג [פון שטעקענס און שטריק] ארויסצושלעפען איינעם וואס פאלט אריין דורך'ן אייז אין א טייך.

ice'-fall *n.* (איס'-פאהל) דאס אבברעכען זיך און פאלען פון מאסען שטיקער אייז [פון אן אייזבארג אדער גלעטשער]; א גלעטשער.

ice'-feath'ers *n.* (איס'-פעטה'-ערז) פעדערען=ענליכער אייז [מעהרסטענטייל אויף די שפיצען פון בערג].

ice'-fern *n.* (איס'-פוירן) פראסט=פלאנצען [אויף די שויבען].

ice'-field *n.* (איס'-פיעלד) אן אייז=פעלד [א זעהר גרויסע מאסע שווימענדע אייז].

ice'-fish'ing *n.* (איס'-פיש'-איננ) דאס כאפען פיש דורך פראליוועס אדער פאלאנקעס [אויסגעהאקטע לעכער אין אייז].

ice'-float *n.* (איס'-פלאוט) ז. ***ice-floe***

ice'-floe *n.* (איס'-פלאו) א גרויס שטיק שווימענדע אייז, א גרויסע קריהע אייז.

ice'-foot *n.* (איס'-פוט) ז. ***ice-belt***

ice'-glazed *a.* (איס'-גלייזד) איבערגעצויגען מיט אייז.

ice'-hock'ey *n.* (איס'-האק'-אי) א מין שפיעל אויף אייז מיט פילקעס אדער באלען וואס ווערען געטריבען מיט אזעלכע אויסגעבויגענע שטעקענס. ז. ***hockey***

ice'-house *n.* (איס'-האוס) אן אייזקעלער, א לעדראווניע.



Ice-house

Ice'land *n.* (איס'-לענד) דער אינזעל איסלאנד [אין צפון אייראפא]; דער איסלאנדישער הונד [א ווייס=האריג הינטעל מיט שפיציגע אויערען].

Ice'land crys'tal (איס'-לענד קריס'-טעל) ז. ***Iceland spar***

Ice'land dog (איס'-לענד דאג) דער איסלאנדישער הונד. ז. ***Iceland***

Ice'lander *n.* (איס'-לענ-דער) אן איסלאנדער, אן איינוואהנער פון דעם אינזעל איסלאנד.

Icelan'dic *a. and n.* (איס-לענ'-דיק) איסלאנדיש, וואס איז שייך צום אינזעל איסלאנד, צו די דארטיגע איינוואהנער אדער שפראך; די איסלאנדישע שפראך און ליטעראטור.

Ice'land moss (איס'-לענד מאהס) איסלאנדישע מאך.

Ice'land spar (איס'-לענד ספאר) דער דאפעל=שפאט [א מין מינעראל אין איסלאנד].

ice'-ledge *n.* (איס'-לעדזש) ז. ***ice-belt***

ice'-machine' *n.* (איס'-מע-שין') א מאשין צו מאכען קינסטליך אייז.

ice'man *n.* (איס'-מען) אן אייז=הענדלער; א קינסטלער זיך צו גליטשען אויף אייז.

ice'-mark *n.* (איס'-מארק) א צייכען אדער צייכענס פון אייז אדער גלעטשערס [ווי א פערטיעפונג אין בערג, גלאטקייט פון פעלזען א. ז. וו.].

ice'-mas'ter *n.* (איס'-מעס'-טער) א לאצמאן אדער שטייערמאן וואס פיהרט דורך שיפען דורך שווימענדען אייז.

ice'-moun'tain *n.* (איס'-מאונ'-טען) ז. ***iceberg***

ice o'ver (איס או'-ווער) איבערציהען מיט אייז; בעצוקערען, בעדעקען מיט צוקער=גלאזור.

ice'-pack *n.* (איס'-פעק) אן אייז=פעלד [א גרויס שטיק שווימענדעס אייז] וואס בעשטעהט פון בעזונדערע שטיקער אייז, וועלכע זיינען ענג צוזאמענגעדריקט.

ice'-pit *n.* (איס'-פיט) אן אייז=גרוב, א לעדראווניע.

ice'-plant *n.* (איס'-פלענט) אייז=קרויט [אזא קלעטערענדע פלאנצע וואס איהרע בלעטער זיינען בעדעקט ווי מיט פראסט און וועלכע גלענצען פאר דער זון=שיין ווי אייז].

ice'-plow *n.* (איס'-פלאו) אן אינסטרומענט איינצוטיילען אייז אין גלייכע שטי=

קער [דער אינסטרומענט קריצט איין ציי־ כענס, לויט וועלכע מען שניידט נאכדעם דאס אייז].



Ice-plow

ice'-poul'tice *n.* (איס'-פאול'-טיס) ז. ***ice-bag***

ice'-preser'ver *n.* (איס'-פרי-זויר'-ווער) אן אייז־שראנק.

ice'-scoo'ter *n.* (איס'-סקוה'-טער) א שיף וואס קען אי שווימען אויף'ן וואסער, אי געפיהרט ווערען אויף אייז.

ice'-ship *n.* (איס'-שיפ) א שיף צוגע־ פאסט צו שווימען צווישען אייז.

ice'-spade *n.* (איס'-ספייד) אן אינסטרו־ מענט צו צושלאגען אייז אין בעזונדערע שטיקער.

ice'-spar *n.* (איס'-ספאר) אייז־שפאט [א מין גלאזינער מינעראל].

ice'-ta'ble *n.* (איס'-טיי'בל) א פלאכע אייז־מאסע.

ice'-tongs *n.* (איס'-טאנגז) אייז־צוואנגען [צו טראגען שטיקער אייז]; אן אייז־ צוועננעל [צו נעהמען שטיקלעך אייז ביים עסען].

ice'-wa'ter *n.* (איס'-הוואה'-טער) אייז־ וואסער [וואסער פון צולאזענעם אייז אדער וואסער אבגעקיהלט אויף אייז].

ice'-whale *n.* (איס'-הווהייל) דער גרוי־ סער פאלאר־וואלפיש.

ice'work *n.* (איס'-הוואירק) ז. ***ice-feathers***

ice'-yacht *n.* (איס'-יאט) ז. ***ice-boat***

ichneu'mon *n.* (איק-ניו'-מאן) דער איכניימאן אדער פרעה'ס מויז [אן אפרי־ קאניש חיה'לע, וואס עסט שלאנגען און קראקאדיל־אייער. איז געווען פערגעטערט ביי די פארצייטיגע עגיפטער אדער מצריים].



Ichneumon

ichneu'mon-fly *n.* (איק-ניו'-מאנ-פלאי) דער רייטער [אזא מין אינזעקט וואס איז זעהר ניצ־ ליך פאר די פעל־ דער דערמיט וואס ער פערניכטעט די אייעלעך פון אנדערע שעדליכע אינזעקטען. עס זיינען פאראן איבער 500 מינים פון דיעזען אינזעקט].

Ichneumon-fly

ich'nograph *n.* (איק' נא-גרעף) א גרונד־ריס, א גרונד־פלאן [פון א געביי־ דע].

ichnograph'ic *a.* (איק-נא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו א גרונד־פלאן פון א געביידע; וואס גיט דעם גרונד־פלאן פון א געביידע.

ichnograph'ical *a.* (איק-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***ichnographic***

ichnog'raphy *n.* (איק-נאג'-רע-פי) צייכנונג פון א גרונד־פלאן אדער גרונד־ ריס.

ich'nolite *n.* (איק'-נא-לאיט) א שטיין מיט א פוס־שפור אדער פוס־אבדרוק פון א פערשטיינערטער חיה.

ichnolitholog'ical *a.* (איק-נא-ליטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***ichnological***

ichnolithol'ogy *n.* (איק-נא-ליטה-אל'-א-דזשי) ז. ***ichnology***

ichnolog'ical *a.* (איק-נא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די פוס־שפורען פון פערשטיינערטע חיות אדער מיט יענע חיות, וועגען וועלכע מען ווייסט נור פון זייערע פוס־שפורען אין שטיינער.

ichnol'ogy *n.* (איק-נאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די פוס־שפורען פון פערשטיינערטע חיות אדער מיט די חיות, וועגען וועלכע מען ווייסט נור פון זייערע פוס־שפורען אין שטיינער.

i'chor *n.* (אי'-קאר) אייטער [פון א וואונד]; אין דער רוימיש־גריכישער מי־ טאלאגיע — געטער־בלוט [א פליסיגקייט וואס האט פערנומען דעם פלאץ פון בלוט ביי די געטער].

i'choroid *a.* (אי'-קאר-איד) ז. ***ichorous***

i'chorose *a.* (אי'-קא-ראוס) ז. ***ichorous***

i'chorous *a.* (אי'-קא-ראס) אייטער־ דיג.

ich'thyic *a.* (איק'-טהי-איק) וואס איז שייך צו פיש; עהנליך צו פיש.

ich'thyocol *n.* (איק'-טהי-א-קאל) ז. ***ichthyocolla***

ichthyocol'la *n.* (איק-טהי-א-קאל'-א) פיש־קליי.

ichthyograph'ic *a.* (איק-טהי-א-גרעפ'-איק) איכטיאגראפיש, וואס איז שייך צו איכטיאגראפיע [בעשרייבונג פון פיש].

ichthyog'raphy *n.* (איק-טהי-אג'-רע-פי) איכטיאגראפיע, בעשרייבונג פון פיש.

ich'thyoid *a.* (איק'-טהי-איד) פיש־ ארטיג, עהנליך צו א פיש.

ichthyoi'dal *a.* (איק-טהי-אי'-דעל) ז. ***ichthyoid***

ich'thyol *n.* (איק'-טהי-אל) איכטיאל [א מעדיצינישער מיטעל פאר הויט־ קראנקהייטען, געמאכט פון פערשטיינערטע פיש].

ichthyol'atrous *a.* (איק-טהי-אל'-ע-טראס) פיש־פערגעטערענד; דיענעדיג צו פיש־עהנליכע אבגעטער [ווי דער גאט דגון ביי די פלשתים].

ichthyol'atry *n.* (איק-טהי-אל'-ע-טרי) פיש־פערגעטערונג; דאס דיענען פיש־עהנ־ ליכע אבגעטער [ווי דער גאט דגון ביי די פלשתים].

ichthyol'ic *a.* (איק-טהי-אל'-איק) גע־ מאכט פון איכטיאל. ז. ***ichthyol***

ich'thyolite *n.* (איק'-טהי-א-לאיט) א פערשטיינערטער פיש; א פערשטיינערטער אבדרוק פון א פיש.

ichthyolog'ic *a.* (איק-טהי-א-לאדזש'-איק) איכטיאלאגיש, וואס איז שייך צו איכטיאלאגיע [דער טייל פון זאאלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט פיש].

ichthyolog'ical *a.* (איק-טהי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. ***ichthyologic***

ichthyol'ogist *n.* (איק-טהי-אל'-א-דזשיסט) אן איכטיאלאגיסט, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט איכטיאלאגיע [דער טייל פון זאאלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט פיש].

ichthyol'ogy *n.* (איק-טהי-אל'-א-דזשי) איכטיאלאגיע [דער טייל פון זאאלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט פיש].

ich'thyomancy *n.* (איק'-טהי-א-מענ-סי) דאס טרעפען, דאס נביאות־זאגען לויט די קעפ אדער דעם אינגעווייד פון פיש.

ichthyoman'tic *a.* (איק-טהי-א-מענ'-טיק) וואס איז שייך צום נביאות־זאגען לויט די קעפ אדער לויט דעם אינגעווייד פון פיש.

ichthyoph'agist *n.* (איק-טהי-אפ'-ע-דזשיסט) איינער וואס שפייזט זיך מיט פיש.

ichthyoph'agous *a.* (איק-טהי-אפ'-ע-גאס) פיש־עסענד, וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

ichthyoph'agus *n.* (איק-טהי-אפ'-ע-גאס) ז. ***ichthyophagist***

ichthyoph'agy *n.* (איק-טהי-אפ'-ע-דזשי) דאס ערנעהרען זיך מיט פיש; פיש־ דיעטע.

ichthyophthal'mite *n.* (איק-טהי-אפ-טהעל'-מאיט) דאס פיש־אויג [א געוויסער מינעראל].

ich'thyosaur *n.* (איק'-טהי-א-סאהר) ז. ***Ichthyosaurus***

ichthyosau'rus *n.* (איק-טהי-א-סאה'-ראס) דער איכטיאזאור [די ריעזיגע פיש־יאשטשערקע פון די אור־אלטע דורות].



Ichthyosaurus

ichthyo'sis *n.* (איק-טהי-או'-סיס) דער שופען־אויסשלאג [א מין הויט־קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט זעהט אויס ווי בע־ דעקט מיט הארטע, טרוקענע שופען].

i'cicle *n.* (אי'-סיקל) אן אייז־ליכטעל אדער אייז־צאפען [א שפיציג שטיקעל אייז וואס הענגט אראב פון דאך].

i'cicled *a.* (אי'-סיקלד) וואס איז בע־ האנגען מיט אייז־ליכטלעך אדער אייז־ צאפענס. ז. ***icicle***

i'cily *adv.* (אי'-סי-לי) קאלט, פראסטיג.

i'ciness *n.* (אי'-סי-נעס) אייזינקייט, פראסטינקייט, קאלטקייט.

i'cing *n.* (אי'-סינג) צוקער־גלאזור [אויף געבעקס].

i'con *n.* (אי'-קאן) אן איקאנע [א בילד פון א קריסטליכען היילינגען]; א בילד; אן אילוסטראציע [אין א וויסענשאפטלי־ כע בוך].

icon'ic *a.* (אי-קאנ'-איק) בילדליך, וואס איז שייך צו א בילד אדער פארטרעט; וואס איז שייך אדער עהנליך צו אן אי־ קאנע [א היילינג בילד].

icon'ical *a.* (אי-קאנ'-אי-קעל) ז. ***iconic***

i'conism *n.* (אי'-קאנ-איזם) א פיגור: א

בילד; אן עהנליכקייט; דאס פארשטעלען אין בילדער.

i'conize *v.* (אי'-קאנ-איז) אויסדריקען אין בילדער, מאכען אן עהנליכקייט.

icon'oclasm *n.* (אי-קאנ'-א-קלעזם) איקאנאקלאזם, דאס צוברעכען הייליגע בילדער, הייליגקייט=פערשוועכונג, אן אנגריף אויף אלטע, פערהייליגטע גלויבענס און אינסטיטוציאנען.

icon'oclast *n.* (אי-קאנ'-א-קלעסט) אן איקאנאקלאסט, א צוברעכער פון הייליגע בילדער, א הייליגקייט=פערשוועכער, איינער וואס גרייפט אן פערהייליגטע גלויבענס אדער אינסטיטוציאנען.

iconoclas'tic *a.* (אי-קאנ-א-קלעס'-טיק) איקאנאקלאסטיש. ז. *iconoclasm*

iconograph'ic *a.* (אי-קאנ-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו פארשטעלונגען אין בילדער אדער סטאטוען; אילוסטרירענד.

iconog'raphy *n.* (אי-קא-נאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון בילדער אדער סטאטוען; דאס פארשטעלען אין בילדער; אילוסטראציאנען.

iconol'ater *n.* (אי-קא-נאל'-ע-טער) א בילדער=פערגעטערער; איינער וואס דיענט צו בילדער אדער סטאטוען; א געצענדיענער.

iconol'atry *n.* (אי-קא-נאל'-ע-טרי) בילדער=פערגעטערונג, געצענדיענעריי.

iconol'ogist *n.* (אי-קא-נאל'-א-דזשיסט) איינער וואס שטודירט בילדער און סטאטוען.

iconol'ogy *n.* (אי-קא-נאל'-א-דזשי) א בעשרייבונג פון בילדער, צייכנונגען, סטאטוען א. ז. וו.; די קונסט פון מאלען, גראווירען א. ז. וו.

iconom'achist *n.* (אי-קא-נאמ'-ע-קיסט) אן איקאנאקלאסט; איינער וואס איז געגען דעם געברויך פון איקאנען [הייליגע בילדער]. ז. *iconoclast*

iconom'achy *n.* (אי-קא-נאמ'-ע-קי) געגנערשאפט צו איקאנען [הייליגע בילדער].

iconomat'ic *a.* (אי-קאנ-א-מעט'-איק) אויסדריקענד געדאנקען אדער ווערטער דורך בילדער.

iconomat'icism *n.* (אי-קאנ-א-מעט'-אי-סיזם) בילדער=שריפט.

icosahe'dral *a.* (אי-קא-סע-הי'-דרעל) וואס בעשטעהט פון צוואנציג פלעכען [וועגען געאמעטרישע קערפער].

icosahe'dron *n.* (אי-קא-סע-הי'-דראן) אן איקאסאעדער [א געאמעטרישער קערפער וואס בעשטעהט פון צוואנציג פלעכען].

icosan'der *n.* (אי-קא-סענ'-דער) א פלאנצע מיט צוואנציג שטויב=פעדים.

Icosan'dria *n.* (אי-קא-סענ'-דרי-א) דער מין פלאנצען וואס האבען צוואנציג שטויב=פעדים.

icosan'drian *a.* (אי-קא-סענ'-דרי-ען) וואס איז שייך צו דעם מין פלאנצען וואס האבען צוואנציג שטויב=פעדים.

icosan'drous *a.* (אי-קא-סענ'-דראס) ז. *icosandrian*

icosidodecahe'dron *n.* (אי-קא-סי-דאו-דעק-ע-הי'-דראן) א געאמעטרישער קערפער וואס בעשטעהט פון דרייסיג פלעכען.

icosihe'dral *a.* (אי-קא-סי-הי'-דרעל) ז. *icosahedral*

icosihe'dron *n.* (אי-קא-סי-הי'-דראן) ז. *icosahedron*

icter'ic *a. and n.* (איק-טער'-איק) געלבזיכטיג; וואס היילט געלבזוכט; א מיטעל געגען געלבזוכט.

icter'ical *a.* (איק-טער'-אי-קעל) געלבזיכטיג; וואס היילט געלבזוכט.

icteri'tious *a.* (איק-טע-ריש'-אס) געל; וואס זעהט אויס ווי געלבזיכטיג.

icter'itous *a.* (איק-טער'-אי-טאס) ז. *icteritious*

ic'teroid *a.* (איק'-טע-ראיד) ז. *icteritious*

ic'terus *n.* (איק'-טע-ראס) געלבזוכט; א געלקייט אויף פלאנצען וואס קומט פון קעלט אדער פייכטקייט.

ic'tus *n.* (איק'-טאס) א שלאג, א קלאפ [ווי למשל, פון פולס]; אן אונטערשטרייכונג [אין ריידען] פון א ווארט אדער זילבע; אן אקצענט.

i'cy *a.* (אי'-סי) אייזיג; געפרארען, אייז=קאלט; קאלט, אונפריינדליך, גלייכגילטיג.

i'cyness *n.* (אי'-סי-נעס) ז. *iciness*

i'cy-pearled *a.* (אי'-סי-פוירלד) בעפערעלט מיט אייז=שטיקלעך.

I'd (איד) אן אבקירצונג פון די ווערטער *I would, I should, I had.*

id. אן אבקירצונג פון *idem*

Ida. אן אבקירצונג פון *Idaho* [אידעהא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד אמעריקא].

Ida'lian *a.* (אי-דיי'-לי-ען) וואס איז שייך צו אידאליע [אן אלט=גריכישע שטאדט אין ציפערן] אדער צו דער געטין ווענוס, צו וועלכער די שטאדט איז געווען געהייליגט.

ide'a *n.* (אי-די'-א) אן אידעע, א פארשטעלונג, א בעגריף; א געדאנק, א מיינונג; אן אבזיכט.

ideag'enous *a.* (אי-די-עדזש'-ע-נאס) וואס רופט ארויס אידעען, פארשטעלונגען אדער בעגריפען.

ide'al *a. and n.* (אי-די'-על) אידעאל; וואס עקזיסטירט נור אין דער פארשטעלונג; וואס איז אונמעגליך צו פערווירקליכען; ניט רעאל; וואס איז די העכסטע שטופע פון פאלקאמענהייט; מוסטערהאפט; אידעאליסטיש; אן אידעאל.

ide'aless *a.* (אי-די'-ע-לעס) אהן אידעען, אהן בעגריפען, אהן געדאנקען.

idealisa'tion *n.* (אי-די-ע-לי-זיי'-שאן) ז. *idealization*

ide'alise *v.* (אי-די'-ע-לאיז) ז. *idealize*

ide'alism *n.* (אי-די'-ע-ליזם) אידעאליזם; די פילאזאפישע שיטה וואס בעטראכט די ווירקליכקייט בלויז אלס פראדוקט פון אונזער פארשטעלונג [דאס הייסט, אז די וועלט איז ניט מעהר ווי אונזער אידעע]; די שטרעבונג צו אן אידעאל; דאס שטרעבען צו פאלקאמענהייט; דאס בעהאנדלען זאכען אידעאליסטיש, לויט דער פארשטעלונג פון פאלשטענדיגער פאלקאמענהייט; אין קונסט — די שטרעבונג פארצושטעלען עטוואס פאלקאמענעם.

ide'alist *n.* (אי-די'-ע-ליסט) אן אידעאליסט, אן אנהענגער פון אידעאליזם, אן אונפראקטישער מענש, א טרוימער. ז. *idealism*

idealis'tic *a.* (אי-די-ע-ליס'-טיק) אידעאליסטיש; וואס איז שייך צום אידעאליזם; וואס איז שייך אדער וואס שטרעבט צו אידעאלען, וואס שטרעבט צו פאלקאמענהייט. ז. *idealism*

ideal'ity *n.* (אי-די-על'-אי-טי) דאס זיין אידעאל, דאס זיין אין געגענזאץ צו דער ווירקליכקייט; די פעהיגקייט צו שאפען אידעאלען, אן אידעאל, א ניט=ווירקליכקייט.

idealiza'tion *n.* (אי-די-על-אי-זיי'-שאן) דאס שאפען אן אידעע אדער געדאנק; דאס אידעאליזירען, דאס פארשטעלען א זאך מעהר פאלקאם און בעסער איידער זי איז אין דער ווירקליכקייט.

ide'alize *v.* (אי-די'-ע-לאיז) אידעאליזירען; אויסבילדען פארשטעלונגען אדער בעגריפען; זיך פארשטעלען, זיך מאכען א בעגריף.

ide'ally *adv.* (אי-די'-על-אי) אין געדאנק; לויט דער פארשטעלונג; אידעאל, מוסטערהאפט.

idea'tion *n.* (אי-די-איי'-שאן) די אויסבילדונג פון אידעען אדער פארשטעלונגען.

idea'tional *a.* (אי-די-איי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער פעהיגקייט אויסצובילדען אידעען.

i'dem *adv.* (אי'-דעם) פון דאסזעלביגע, דערזעלבער שטעלע, ווי פאראהער [ווערט געברויכט אין ביכער ביי בריינגען א ציטאטע, אנווייזענדיג, אז זי איז גענומען פון זעלביגען ארט, פון וועלכען עס איז גענומען די פריהעריגע ציטאטע].

iden'tic *a.* (אי-דענ'-טיק) אידענטיש, נעמליך, זעלביג, גלייך.

iden'tical *a.* (אי-דענ'-טי-קעל) אידענטיש; וואס איז דאסזעלבע; וואס מען קען ניט אונטערשיידען.

iden'tically *adv.* (אי-דענ'-טי-קעל-אי) אויף דערזעלבער ארט.

iden'ticalness *n.* (אי-דענ'-טי-קעל-נעס) נעמליכקייט, זעלבינקייט, גלייכקייט.

iden'tifiable *a.* (אי-דענ'-טי-פאי-עבל) וואס קען אידענטיפיצירט ווערען; וואס קען זיין דאסזעלבע.

identifica'tion *n.* (אי-דענ-טי-פי-קיי'-שאן) דאס אידענטיפיצירען, דאס ערקלערען פאר נעמליך אדער דאסזעלבע.

iden'tify *v.* (אי-דענ'-טי פאי) אידענטיפיצירען, ערקלערען פאר זעלביג אדער נעמליך [בעווייזען דאס עפעס איז דיזעלביגע זאך]; ווערען איינס און דאסזעלבינע.

iden'tiscope *n.* (אי-דענ'-טי-סקאופ) א פאטאגראפיש בילד אין לעבענס=גרויס.

iden'tity *n.* (אי-דענ'-טי-טי) גלייכקייט, נעמליכקייט, זעלבינקייט.

i'deogram *n.* (אי'-די-א-גרעם) אן אידעאגראמע, א פיגור אדער צייכנונג וואס בעצייכענט ניט א בוכשטאב, נאר א גאנץ ווארט אדער פראזע [ווי די כינעזישע שריפט א. ד. ג.].

i'deograph *n.* (אי'-די-א-גרעף) א בוכשטאב, צייכען אדער פיגור, וועלכער דריקט אויס די אידעע אדער פארשטעלונג פון א זאך, ניט אנרופענדיג זי מיט'ן נאמען.

ideograph'ic *a.* (אי-די-א-גרעפ'-איק) אידעאגראפיש, וואס בעצייכענט זאכען און געדאנקען אהן די נעמען, וועלכע זיי האבען אין דער שפראך [ווי למשל, אין די עגיפטישע היעראגליפען — א שיסעלע מיט וואסער, וואס גיסט זיך אריבער פון די ברעגעס, האט בעצייכענט דעם טייך נילוס].

ideograph'ical *a.* (אי-די-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *ideographic*

ideograph'ically *adv.* (אי-די-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אידעאגראפישען שטייגער. ז. *ideographic*

ideog'raphy *n.* (אי-די-אג'-רע-פי) אידעאגראפיע [דאס בעצייכנען זאכען און

געדאנקען אהן די נעמען וואס זיי האבען אין דער שפראך, ווי היעראגליפען].

ideolog'ical *a.* (אי-די-א-לאדזש׳-אי-קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע וועגען אידעען.

ideol'ogist *n.* (אי-די-אל׳-א-דזשיסט) אן אידעאלאג, איינער וועלכער גיט זיך אב מיט אידעען אדער אידעאלען, וועלכע האבען ניט קיין ווירקליכען ווערטה; איינער וועלכער בויט אן אידעאלען פלאן פון צוקינפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאקטען פון לעבען, אויף וויפיעל זיי גיבען א מעגליכקייט צו פערווירקליכען אזא פלאן; אן אנהענגער פון דער אידעאלאגישער לעהרע. ז. *ideology*

ideol'ogy *n.* (אי-די-אל׳-א-דזשי) אידעאלאגיע, די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון אידעען.

ide'ophone *n.* (אי-די׳-א-פאון) אן איינציגער קלאנג אדער א פערבינדונג פון עטליכע אויסגעשפראכענע קלאנגען, וועלכע רופען ארויס אן אידעע אדער פארשטעלונג וועגען א געוויסער זאך.

ides *n.* (אידז) אין אלט-רוימישען קאלענדאר — די אידעס [דער 15טער טאג פון מערץ, מאי, יולי, אקטאבער, און דער 13טער פון די איבעריגע מאנאטען].

id est (איד עסט) דאס איז, דאס הייסט.

idioc'rasy *n.* (איד-אי-אק׳-רע-סי) אידיאקראזיע, אן אייגענטימליכקייט, אן אינדיווידועלע אייגענשאפט [א בעזונדערע עמפפינדליכקייט פון ארגאניזם צו פערשיעדענע ווירקונגען].

idiocrat'ic *a.* (איד-אי-א-קרעט׳-איק) אידיאקראטיש, אייגענטימליך נור צו איהם אליין; ביי וועמען דער ארגאניזם האט א בעזונדערע עמפפינדליכקייט צו פערשיעדענע ווירקונגען.

idiocrat'ical *a.* (איד-אי-א-קרעט׳-אי-קעל) ז. *idiocratic*

id'iocy *n.* (איד׳-אי-א-סי) אידיאטסטווע, שוואכקייט אין פערשטאנד; דאס ניט האבען די פעהיגקייט צו בעגרייפען; דאס זיין אן אידיאט.

idioelec'tric *a.* (אי-די-א-אי-לעק׳-טריק) אידיא-עלעקטריש, זעלבסט-עלעקטריש [אזוי פלעגט מען אמאל אנרופען די אלע שטאפען, וועלכע ווערען עלעקטריזירט דורך רייבונג, ווי גלאז, ברושטין א. ד. ג., מיינענדיג אז אנדערע שטאפען, ווי מעטאלען, ווערען ניט עלעקטריזירט אויף אזא אופן].

id'iom *n.* (איד׳-אי-אם) אן אידיאם, א בעזונדערער אויסדרוק, וועלכער איז אייגענטימליך נור פאר א געוויסער שפראך און ניט פאר קיין אנדערער; א דיאלעקט, די פארם פון שפראך-אויסדריקע פון א געוויסער געגענד.

idiomat'ic *a.* (איד-אי-א-מעט׳-איק) אידיאמאטיש, וואס געהערט צו דעם כאראקטער פון א שפראך; וואס איז אייגענטימליך נור פאר א געוויסער שפראך און ניט פאר קיין אנדערער.

"How do you do?" is an American idiomatic expression.

idiomat'ical *a.* (איד-אי-א-מעט׳-אי-קעל) ז. *idiomatic*

idiomat'ically *adv.* (איד-אי-א-מעט׳-אי-קעל-אי) אויף אן אידיאמאטישען שטייגער; לויט די אייגענטימליכקייטען פון דער שפראך.

idiopathet'ic *a.* (אי-די-א-פע-טהעט׳-איק) ז. *idiopathic*

idiopath'ic *a.* (איד-אי-א-פעטה׳-איק) אין דער מעדיצין — אידיאפאטיש, וואס איז שייך צו א קראנקהייט, וועלכע איז ניט ענטשטאנען פון אן אנדער קראנקהייט.

idiopath'ical *a.* (איד-אי-א-פעטה׳-אי-קעל) ז. *idiopathic*

idiopath'ically *adv.* (איד-אי-א-פעטה׳-אי-קעל-אי) אויף דער ארט פון אן אידיאפאטישער קראנקהייט. ז. *idiopathic*

idiop'athy *n.* (איד-אי-אפ׳-ע-טהי) אין מעדיצין — אן אידיאפאטישער כאראקטער פון א קראנקהייט [א קראנקהייט, וועלכע האט זיך ניט ענטוויקעלט פון אן אנדער קראנקהייט].

idiosyn'crasy *n.* (איד-אי-א-סינ׳-קרע-סי) אידיאסינקראזיע, אן אייגענארטיגקייט ביי געוויסע פערזאנען, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם, וואס זיי זיינען צופיעל אדער גארניט עמפפינדליך צו געוויסע ווירקונגען.

idiosyncrat'ic *a.* (איד-אי-א-סינ-קרעט׳-איק) וואס איז שייך צו אידיאסינקראזיע. ז. *idiosyncrasy*

id'iot *n.* (איד׳-אי-אט) אן אידיאט, איינער מיט זעהר בעשרענקטע גייסטיגע פעהיגקייטען; א מענש וואס האט ניט קיין געזונטען פערשטאנד; א דומקאפ.

idiot'ic *a.* (איד-אי-אט׳-איק) אידיאטיש, דום, נאריש.

idiot'ically *adv.* (איד-אי-אט׳-אי-קעל-אי) מעשה אידיאט; זעהר נאריש.

idiot'icon *n.* (איד-אי-אט׳-אי-קאן) דער דיאלעקט-ווערטערבוך [א ווערטערבוך, וועלכער ענטהאלט אין זיך אידיאמאטישע ווערטער און אויסדריקע פון א געוויסער געגענד].

id'iotish *a.* (איד׳-אי-אט-איש) ז. *idiotic*

id'iotism *n.* (איד׳-אי-אט-איזם) אן אידיאם, אן אייגענטימליכער אויסדרוק פון א שפראך; דער גייסט פון א שפראך.

i'dle *a. and v.* (איידל) אונבעשעפטיגט, ניט פערנומען; לעדיג; פוסט; אונטהעטיג; ניט אויסגענוצט, ניט געברויכט; נוצלאז, בעדייטונגסלאז, ווערטהלאז, אומזיסט; פויל, זארגלאז, גלייכגילטיג; פוילענצען, פוסט-און-פאסעווען.

i'dle conceit' (איידל קאנ-סיט׳) א פוסטע איינבילדונג.

i'dle fel'low (איידל פעל׳-או) א פוילענצער, א פוסט-און-פאסניק.

i'dle hours (איידל אורז) פרייע שטונדען, לעדיגע צייט.

i'dleness *n.* (איידל-נעס) פוילקייט, פוילענצעריי; לעדיגקייט, פוסטקייט, דאס זיין אונבעשעפטיגט, דאס פוסט-און-פאסעווען; נוצלאזיגקייט, ווערטהלאזיגקייט, אונגעברויכבארקייט.

i'dle proj'ects (איידל פראדזש׳-עקטס) לופט-שלעסער, פוסטע חלומות.

id'ler *n.* (איד׳-לער) א ליידיג-געהער, א פוילענצער, א פוסט-און-פאסניק; איינער פון דער מאנשאפט פון א שיף וואס דארף ניט זיין אויף נאכט-וואך; א ראד [צווישען אנדערע צוויי רעדער], וואס גיט איבער די בעוועגונג פון אקס צו דער צווייטער, ניט ענדערענדיג די ריכטונג פון דער בעוועגונג.

i'dle sto'ry (איידל סטאו׳-רי) א בבא-מעשה.

i'dle talk (איידל טאהק) פוסטע דבורים.

i'dle time (איידל טאים) פרייע צייט, לעדיגע צייט.

i'dle weeds (איידל הווידז) ווילד גראז, אונקרויט.

i'dle-wheel *n.* (איידל-הוויעל) א ראד [צווישען אנדערע צוויי רעדער] וואס גיט איבער די בעוועגונג פון איין אקס צו דער צווייטער ניט ענדערענדיג די ריכטונג פון דער בעוועגונג.

i'dle words (איידל הווארדז) אומזיסטע ווערטער, פוסטע רייד, פוסטע פלוידעריי.

id'ly *adv.* (איד׳-לי) פויל, אבגעלאזען, נוצלאז, ווערטהלאז, פוסט.

i'docrase *n.* (אי׳-דא-קרייס) דער אידאקראס אדער וועזואוויאן [אזא מינעראל].

i'dol *n.* (אי׳-דאל) אן אידאל, אן אבגאט, א געץ; איינער וואס ווערט שטארק פערעהרט.

idol'ater *n.* (אי-דאל׳-ע-טער) א געצענדיענער; א שטארקער פערעהרער.

idol'atress *n.* (אי-דאל׳-ע-טרעס) א געצענדיענערין; א שטארקע פערעהרערין.

idolat'rical *a.* (אי-דא-לעט׳-רי-קעל) געצענדיענעריש.

idol'atrize *v.* (אי-דאל׳-ע-טראיז) דיענען צו אבגעטער; שטארק פערגעטערען.

idol'atrous *a.* (אי-דאל׳-ע-טראס) געצענדיענעריש.

idol'atry *n.* (אי-דאל׳-ע-טרי) געצענדיענסט; שטארקע פערגעטערונג.

idoliza'tion *n.* (אי-דאל-אי-זיי׳-שאן) דאס מאכען א "געטשקע" פון אימיצען אדער עפעס; שטארקע פערגעטערונג.

i'dolize *v.* (אי׳-דאל-איז) שטארק פערגעטערען, פערעהרען אדער ליעבען; מאכען א "געטשקע" פון אימעצען אדער עפעס; דיענען צו אן אבגאט.

i'dolizer *n.* (אי׳-דאל-אי-זער) איינער וואס פערעהרט אימעצען צו שטארק, איינער וואס מאכט פון איינעם א "געטשקע".

i'dol-wor'ship *n.* (אי׳-דאל-הוואיר׳-שיפ) עבודה-זרה, געצענדיענסט.

i'dyl *n.* (אי׳-דיל) אן אידיליע, א קורצע פאעמא פון דעם איינפאכען דארפישען לעבען; א סענטימענטאלע בעשרייבונג פון עפעס.

i'dylist *n.* (אי׳-דיל-איסט) א שרייבער פון אידיליען. ז. *idyl*

i'dyll *n.* (אי׳-דיל) ז. *idyl*

idyl'lic *a.* (אי-דיל׳-איק) אידיליש. ז. *idyl*

i'dyllist *n.* (אי׳-דיל-איסט) ז. *idylist*

i. e. אבקירצונג פון *id est*

if *c.* (איף) אויב, ווען, אין פאל; כאטש.

if an'ything (איף ענ׳-אי-טהינג) ווען איבערהויפט.

if as (איף עז) פונקט ווי עס וואלט...

I for one (אי פאר הוואן) איך פון מיין זייט; ווענינגסטענס איך; איך, צום ביישפיעל.

if you please (איף יו פליעז) אויב איהר ווילט אזוי גוט זיין.

ig'neo-a'queous *a.* (איג׳-ני-או-איי׳-קהווי-אס) אין געאלאגיע — וואס איז צו שטאנד געקומען דורך דער פעראייניגטער טהעטיגקייט פון פייער און וואסער.

ig'neous *a.* (איג׳-ני-אס) פייערדיג, גליהענד; אין געאלאגיע — וואס איז צו שטאנד געקומען דורך פייער [ווי למשל, פעלזען געבילדעט דורך דער טהעטיגקייט פון א פייער-שפייענדען בארג].

ignes'cent *a. and n.* (איג-נעס׳-ענט) וואס לאזט ארויס פונקען פייער; עפעס וואס גיט ארויס פונקען [הויפטזעכליך א שטיין אדער מינעראל ווען מען קלאפט אויף איהם מיט שטאהל אדער אייזען].

ig'nes fat'ui (איג'-ניעז פעט'-יו-אי) בלאנדזשענדע פייערען. ז. *ignes fatuus*

ignic'olist *n.* (איג-ניק'-א-ליסט) א פייער-פערגעטערער.

ig'nify *v.* (איג'-ני-פאי) פערוואנדלען אין פייער.

ignig'enous *a.* (איג-נידזש'-ע-נאס) וואס קומט פון פייער אדער דורך פייער.

ignip'otent *a.* (איג-ניפ'-א-טענט) פייער-מעכטיג, וואס בעהערשט מיט פייער.

ig'nis fat'uus (איג'-ניס פעט'-יו-אס) בלאנדזשענדער פייער [א מין פאספאר-שיין וואס זעהט זיך אין דער לופט איבער זומפען].

ignitabil'ity *n.* (איג-נאי-טע-ביל'-אי-טי) ז. *ignitibility*

igni'table *a.* (איג-נאי'-טעבל) ז. *ignitible*

ignite' *v.* (איג-נאיט') אנצינדען; זיך אנצינדען; אנגליהען.

igni'ter *n.* (איג-נאי'-טער) איינער אדער עטוואס וואס צינדעט אן אדער גליהט אן.

ignitibil'ity *n.* (איג-נאי-טי-ביל'-אי-טי) צינדבארקייט, די פעהיגקייט זיך אנ-צוצינדען אדער זיך אנצוגליהען.

igni'tible *a.* (איג-נאי'-טיבל) צינדבאר, וואס קען זיך אנצינדען; וואס קען אנ-געגליהט ווערען.

igni'tion *n.* (איג-ניש'-אן) אנצינדונג, אנגליהונג.

igniv'omous *a.* (איג-ניוו'-א-מאס) פייער-שפייענד.

ignobil'ity *n.* (איג-נא-ביל'-אי-טי) נידריגקייט, געמיינהייט; נידריגע אב-שטאמונג, נידריגער גראד; ווערטהלאזיג-קייט.

igno'ble *a.* (איג-נאו'בל) נידריג, געמיין, פון נידריגער אבשטאמונג אדער גראד; ווערטהלאז.

igno'bleness *n.* (איג-נאו'בל-נעס) ז. *ignobility*

igno'bly *adv.* (איג-נאו'-בלי) אויף א געמיינעם אדער נידריגען שטייגער.

ignomin'ious *a.* (איג-נא-מינ'-אי-אס) שענדליך, געמיין, ערנידרינענד, פעראכ-טונגס-ווערטה.

ignomin'iously *adv.* (איג-נא-מינ'-אי-אס-לי) אויף א שענדליכער, געמיינער ארט.

ig'nominy *n.* (איג'-נא-מינ-אי) שאנדע, אונעהרע, שמאך; דאס זיין פעראכטעט אדער אונווירדיג.

ignora'mus *n.* (איג-נא-ריי'-מאס) אן איגנאראמוס, אן אונוויסענדער מענש, אן עם-הארץ.

ig'norance *n.* (איג'-נא-רענס) אונוויס-סענהייט, עם-הארצות.

ig'norant *a.* (איג'-נא-רענט) אונוויס-סענד, אונגעבילדעט, ניט געלערענט, אונ-בעקאנט מיט עפעס.

ig'norantly *adv.* (איג'-נא-רענט-לי) אויס אונוויסענהייט; אויף אן עם-הארצי-שען שטייגער.

ignore' *v.* (איג-נאור') זיך ניט וויסען; זיך מאכען ניט וויסענדיג פון עפעס, איגנארי-רען; ערקלערען א קלאגע פאר אונבע-גרינדעט [פון אן אנקלאגע-געריכט]. ז. *grand jury*

Igorro'te *n. and a.* (אי-גאו-ראו'-טע) אן איגאראט, א מיטגליעד פון די ווילדע שבטים וואס ריידען די איגאראטישע שפראך; די איגאראטישע שפראך: א ווילדער; וואס איז שייך צו די איגארא-טען.

igua'na *n.* (אי-גוואו'-נא) די איגואנא אדער דער לעגואן, אזא גרויסער זיד-אמעריקאנישער עקדעש [יאשטשערקע].



Iguana

iguan'odon *n.* (אי-גוואנ'-א-דאן) אן איגוואנאדאן [א מין ריזיגער רעפטיל פון די פרעהיסטארישע צייטען. פון די סקעלעטען, וואס מען האט געפונען, ווייזט זיך ארויס, אז איינציגע זיינען געווען ארום דרייסיג פוס לאנג].

I. H. S. ראשי תבות פון די ווערטער *Iesus Hominum Salvator* [יעזוס דער ערלעזער פון דער מענשהייט]. ווערט געברויכט אלס סימבאל פאר אויפשריפ-טען אויף צלמים, מצבות, קירכען א. ד. ג.

I'-i'ron *n.* (אי'-אי'-ערן) אן אייזען-שטאנג וואס האט אין קווער-שניט דאס אויסזעהען פון אן I.

i'kon *n.* (אי'-קאן) ז. *icon*

il'eac *a.* (איל'-אי-עק) וואס אנבעלאנגט צו דעם קרום-דארם [די אונטערשטע קליי-נע קישקע].

ilei'tis *n.* (איל-אי-אי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם קרום-דארם [די אונטערשטע קליינע קישקע].

il'eum *n.* (איל'-אי-אם) דער קרום-דארם [די אונטערשטע קליינע קישקע]; די אונ-טערשטע קישקע.

il'eus *n.* (איל'-אי-אס) שניידעניש אדער קראמפף אין די געדערים.

i'lex *n.* (אי'-לעקס) א שטויין-אייכע אדער שטעך-פאלמע [אזא זיד-אמעריקאנישער פאלמען-בוים].

I. L. G. W. U. אבקירצונג פון די ווערטער *International Ladies' Garment Workers' Union* [אן אמעריקאנישע דאמען-שניידער יוניאן].

Il'iac *a.* (איל'-אי-עק) וואס איז שייך צו דער אמאליגער שטאדט טראיא; וואס איז שייך צו דעם טראיאנישען קריעג [אין דער אלט-גריכישער געשיכטע].

il'iac *a.* (איל'-אי-עק) וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען פלאכען טייל פון דעם היפטען-ביין.

ili'acal *a.* (אי-לאי'-ע-קעל) ז. *iliac*

il'iac vein (איל'-אי-עק וויין) דער אדער וואס געהט פון בויך איבער דער היפט. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

Il'iad *n.* (איל'-אי-עד) די איליאדע [א העלדען-געדיכט וועגען דעם טראיאנישען קריעג פון דעם בעריהמטען גריכישען דיכ-טער האמער].

Il'ian *a.* (איל'-אי-ען) ז. *Iliac*

Il'ium *n.* (איל'-אי-אם) די שטאדט טראיא [אין דער אלט-גריכישער לעגענ-דע].

il'ium *n.* (איל'-אי-אם) דער אויבערשטער פלאכער טייל פון דעם היפט-ביין.

Iliuper'sis *n.* (איל-אי-יו-פויר'-סיס) די צושטערונג פון דער שטאדט טראיא [אין דער אלט-גריכישער לעגענדע].

ilk *a.* (אילק) דאסזעלבע, דערזעלביגער; יעדער.

Ill. אבקירצונג פון *Illinois* [אילינאי, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

ill *a. and n.* (איל) קראנק; שלעכט; בייז; אונגליקליך; אונגעשיקט, שוואך, ניט געניט; שווערליך; אן איבעל, א שלעכטע זאך, אן אונגליק.

ill'-advised' *a.* (איל'-עד-וואיזד') וואס קומט פון א שלעכטער עצה; שלעכט אי-בערלעגט; אונקלוג.

ill'-affec'ted *a.* (איל'-ע-פעק'-טעד) שלעכט געשטימט; אבגענייגט; אונפריינד-ליך.

illaq'ueate *v.* (אי-לעק'-הווי-אייט) אריינכאפען אדער פערפלאנטערען אין א נעץ.

illaquea'tion *n.* (אי-לעק-הווי-איי'-שאן) דאס אריינכאפען אדער פערפלאנטע-רען אין א נעץ.

ill at ease (איל עט איעז) אונרוהיג, אונבעקוועם.

illa'tion *n.* (אי-ליי'-שאן) א שלוס, א פאלגע.

il'lative *a. and n.* (איל'-ע-טיוו) וואס פאלגט; וואס בעצייכענט א שלוס-פאלגע; וואס איז געדרונגען פון א שלוס-פאלגע; א ווארט וואס בעצייכענט א שלוס-פאלגע [ווי די ווערטער "דעריבער", "דארום" א. ד. ג.].

il'latively *adv.* (איל'-ע-טיוו-לי) דורך א שלוס-פאלגע.

illau'dable *a.* (אי-לאה'-דעבל) וואס איז ניט ווערטה צו לויבען; וואס פער-דיענט געטאדעלט צו ווערען; אונווירדיג.

illau'dably *adv.* (אי-לאה'-דע-בלי) אונווירדיג; אויף א טאדעלס-ווערטהען אופן.

ill'-besee'ming *a.* (איל'-בי-סיע'-מינג) וואס פאסט ניט; וואס קליידט ניט.

ill blood (איל בלאד) בייז בלוט, שנאה; בייזקייט, כעס.

ill'-bo'ding *a.* (איל'-באו'-דינג) וואס זאגט פארויס אונגליק.

ill'-bred *a.* (איל'-ברעד) שלעכט ערצויגען, אונהעפליך. גראב.

ill'-bree'ding *n. and a.* (איל'-בריע'-דינג) שלעכטע ערציהונג, אונהעפליכקייט; גראבקייט; וואס ברענגט אונגליק.

ill'-come *a.* (איל'-קאם) וואס איז א געקומען אין א שלעכטער צייט.

ill'-condi'tioned *a.* (איל'-קאן-דיש'-אנד) וואס געפינט זיך אין א שלעכטען צושטאנד; וואס איז פון א שלעכטער קוואליטעט; וואס איז אין אונארדנונג.

ill'-defined' *a.* (איל'-די-פאינד') אונ-בעשטימט, אונקלאר, אונדייטליך.

ill'-disposed' *a.* (איל'-דיס-פאוזד') שלעכט אויפגעלעגט, שלעכט געשטימט; אונפריינדליך.

ille'gal *a.* (אי-לי'-געל) אונגעזעצליך.

ille'galise *v.* (אי-לי'-געל-איז) ז. *illegalize*

illegal'ity *n.* (איל-אי-געל'-אי-טי) אונ-געזעצליכקייט.

ille'galize *v.* (אי-לי'-געל-איז) ערקלע-רען פאר אונגעזעצליך.

ille'gally *adv.* (אי-לי'-געל-אי) אונגע-זעצליך, אויף אן אונגעזעצליכען אופן.

ille'galness *n.* (אי-לי'-געל-נעס) ז. *illegality*

illegibil'ity *n.* (אי-לעדזש-אי-ביל'-אי-טי) דאס זיין ניט לעזבאר; דאס ניט קע-נען געלעזען ווערען.

illeg'ible *a.* (אי-לעדזש'-איבל) אונלעזבאר, אונמעגליך צו לעזען.

illeg'ibleness *n.* (אי-לעדזש'-איבל-נעס) ז. *illegibility*

illeg'ibly *adv.* (אי-לעדזש'-אי-בלי) אויף אן אונלעזבארען אופן.
The letter is written **illegibly**.

illegit'imacy *n.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מיי-סי) אונגעזעצליכע געבורט [פון ניט געזעצליך פערהייראטע עלטערען]; אונגעזעצליכקייט; אונעכטקייט; דאס זיין געגען אנגענומענעם.

illegit'imate *a.* and *v.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מייט) אונגעזעצליך; אונגעזעצליך געבארען; ערקלערען פאר אן אונגעזעצליך קינד אדער א ממזר.

illegit'imately *adv.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מייט-לי) אויף אן אונגעזעצליכען אופן; אונגעזעצליך; ניט לויט ווי עס איז אנגענומען אדער איינגעפיהרט.

illegitima'tion *n.* (איל-אי-דזשיט-אי-מיי'-שאן) דאס ערקלערען פאר אונגעזעצליך; דאס מאכען אונגילטיג; אונגעזעצליכע געבורט; דאס ערקלערען פאר אונגעזעצליך געבארען.

illegit'imatize *v.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מע-טאיז) ערקלערען פאר אונגעזעצליך; ערקלערען פאר אונגעזעצליך געבארען.

illev'iable *a.* (אי-לעוו'-אי-עבל) וואס קען ניט איינגעפאדערט אדער איינגעמאהנט ווערען.

ill fame (איל פיים) א שלעכטע רעפוטאציע, א שלעכטער נאמען [וועגען א פרוי אדער א הויז].
This is a house of **ill fame**.

ill'-fa'ted *a.* (איל'-פיי'-טעד) וואס ברייננט אונגליק; וואס האט א שלעכטען מזל.
The **ill-fated** Titanic was built in England.

ill'-fa'vored *a.* (איל'-פיי'-װארד) העסליך, מיאוס.

ill'-fa'voredly *adv.* (איל'-פיי'-װארד-לי) מיט א העסליכען אויסזעהן; העסליך, מיאוס.

ill'-fa'voredness *n.* (איל'-פיי'-װארד-נעס) העסליכקייט, מיאוס'קייט.

ill'-foot'ing *n.* (איל'-פוט'-אינג) א געפעהרליכער צושטאנד; אן אונזיכערער אנקער-פלאץ.

ill health (איל העלטה) דאס זיין ניט מיט אלעמען [אין געזונד].

ill'-hu'mored *a.* (איל'-יו'-מארד) וואס איז אין א שלעכטען הומאר; ניט צו מוטה; שלעכט געשטימט.

ill'-hu'moredly *adv.* (איל'-יו'-מארד-לי) אין שלעכטען הומאר; אין שלעכטער שטימונג.

illib'eral *a.* (אי-ליב'-ע-רעל) ניט ליבעראל, ניט פריי, ניט פרייזיניג; ניט פריינגעביג, קארג; ניט קולטיווירט, גראב, פראסט; געמיין; בעשרענקט אין דענקען.

illib'eralism *n.* (אי-ליב'-ע-רעל-איזם) ענגהערציגקייט, קארגקייט, קמצנות; פראסטקייט, אונקולטיווירטקייט; בעשרענקטקייט אין דענקען; מאנגעל אין פרייזיניגקייט.

illiberal'ity *n.* (אי-ליב-ע-רעל'-אי-טי) ז. *illiberalism*

illib'eralize *v.* (אי-ליב'-ע-רעל-איז) מאכען אונליבעראל. ז. *illiberal*

illib'erally *adv.* (אי-ליב'-ע-רעל-אי) אונליבעראל; קארג, געמיין; מיט בעשרענקטקייט אין דענקען; ניט פרייזיניג.

illic'it *a.* (אי-ליס'-איט) אונערלויבט, אונגעזעצליך, פערבאטען.

illic'itly *adv.* (אי-ליס'-איט-לי) אויף אן אונערלויבטער אדער אונגעזעצליכער ארט.

illic'itness *n.* (אי-ליס'-איט-נעס) אונגעזעצליכקייט; דאס זיין ניט ערלויבט.

illimitabil'ity *n.* (אי-לימ-אי-טע-ביל'-אי-טי) אונבעגרענצבארקייט, גרענצלאזיגקייט.

illim'itable *a.* (אי-לימ'-אי-טעבל) גרענצלאז, אונבעגרענצבאר, וואס קען ניט בעגרענצט ווערען.

illim'itableness *n.* (אי-לימ'-אי-טעבל-נעס) דאס זיין אונבעגרענצט, דאס זיין גרענצלאז.

illim'itably *adv.* (אי-לימ'-אי-טע-בלי) אהן גרענצען; אונבעגרענצבאר, גרענצלאז.

illimita'tion *n.* (אי-לימ-אי-טיי'-שאן) אונבעגרענצטקייט; גרענצלאזיגקייט.

illim'ited *a.* (אי-לימ'-אי-טעד) אונבעגרענצט, אהן גרענצען.

illini'tion *n.* (איל-אי-ניש'-אן) אן איינשמירונג, אן איינרייבונג; דאס וואס איז איינגעשמירט אדער איינגעריבען; דער דינער, אויבערשטער, קארע-פערמיגער שיכט פון מינעראלען.

ill'-inten'tioned *a.* (איל'-אינ-טענ'-שאנד) מיט א שלעכטער כונה.

illiqua'tion *n.* (איל-אי-קהוויי'-שאן) די איינשמעלצונג פון איין שטאף אין א צווייטען.

illit'eracy *n.* (אי-ליט'-ע-ריי-סי) אונגעלערטהייט, אונוויסענהייט; דאס זיין אונגעבילדעט.

illit'erate *a.* and *n.* (אי-ליט'-ע-רייט) אונגעלעהרט, אונוויסענד, אונגעבילדעט, בעזגראמאטנע; גראב, בארבאריש, ווילד; אן אונגעבילדעטער מענש, אן עם-הארץ.

illit'erately *adv.* (אי-ליט'-ע-רייט-לי) אויף אן אונוויסענדען, עם-הארצ'ישען שטייגער.

illit'erateness *n.* (אי-ליט'-ע-רייט-נעס) ז. *illiteracy*

ill'-judged' *a.* (איל'-דזשאדזשד') שלעכט בערעכענט, שלעכט געאורטיילט, ניט גוט בעגרינדעט.
An **ill-judged** attempt was made to climb the mountain.

ill'-lan'guage *n.* (איל'-לענ'-גהווערדזש) אן אונהעפליכע שפראך.

ill'-looked' *a.* (איל'-לוקט') וואס זעהט אויס שלעכט; מיאוס, העסליך.

ill'-look'ing *a.* (איל'-לוק'-אינג) וואס זעהט אויס שלעכט, פון שלעכטען אויסזעהן; העסליך, מיאוס.

ill'-luck *n.* (איל'-לאק) דאס אונגליק, דער שלים-מזל.

ill'-man'nered *a.* (איל'-מענ'-ערד) מיט שלעכטע מאניערען, ניט איידעל, גראב, געמיין.

ill'-min'ded *a.* (איל'-מאינ'-דעד) שלעכט געשטימט.

ill'-na'ture *n.* (איל'-ניי'-טשור) בייזקייט, שלעכטקייט, א שלעכטער כאראקטער.

ill'-na'tured *a.* (איל'-ניי'-טשורד) מיט א שלעכטען כאראקטער; בייז; שלעכט.

ill'-na'tured land (איל'-ניי'-טשורד לענד) א שלעכטער באדען, שלעכטע ערד.

ill'-na'turedly *adv.* (איל'-ניי'-טשורד-לי) מיט בייזקייט, עקשנות'דיג.

ill'ness *n.* (איל'-נעס) א קראנקהייט, א חלאת.

illog'ic *n.* (אי-לאדזש'-איק) אן אונלאגישע זאך.

illog'ical *a.* (אי-לאדזש'-אי-קעל) אונלאגיש, קרום [אין רעדען אדער דענקען].

illogical'ity *n.* (אי-לאדזש-אי-קעל'-אי-טי) אונלאגישקייט, קרומקייט [אין רעדען אדער דענקען]; אן אונלאגישע זאך.

illog'ically *adv.* (אי-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף אן אונלאגישען אופן.

illog'icalness *n.* (אי-לאדזש'-אי-קעל-נעס) דאס זיין אונלאגיש.

ill'-o'mened *a.* (איל'-או'-מענד) וואס האט אונגליקליכע פארבעדייטונגען.

ill'-patched *a.* (איל'-פעטשט) שלעכט צוזאמענגעשטוקעוועט.

ill'-propor'tioned *a.* (איל'-פרא-פאור'-שאנד) שלעכט פראפארציאנירט, ניט הארמאניש צוזאמענגעשטעלט.

ill'-sor'ted *a.* (איל'-סאהר'-טעד) שלעכט זארטירט, ניט צוגעפאסט איינס צום אנדערען.

ill'-starred *a.* (איל'-סטארד) געבוירען אין א בייזער שעה; וואס ערווארטעט א בייזען מזל.

ill tem'per (איל טעמ'-פער) בייזקייט, אויפגערעגטקייט.

ill'-tem'pered *a.* (איל'-טעמ'-פערד) אנגעכמורעט, בייז, מיט א שלעכטען כאראקטער.

ill'-timed *a.* (איל'-טאימד) וואס איז ניט צו רעכטער צייט; ניט אין סעזאן; וואס האט ניט צוגעטראפען די צייט.

ill-treat' *v.* (איל-טריעט') שלעכט אדער אונגערעכט בעהאנדלען.

illude' *v.* (אי-ליוד') פערבלענדען, טוישען; אבנארען מיט פאלשע האפנונגען; אבשפאטען, אויסלאכען.

illume' *v.* (אי-ליום') בעלייכטען, אילומינירען, אילוסטרירען [מיט צייכנונגען].

illu'minable *a.* (אי-ליו'-מי-נעבל) וואס קען בעלויכטען ווערען, וואס קען אילומינירט ווערען.

illu'minant *a.* and *n.* (אי-ליו'-מי-נענט) בעלייכטענד, אילומינירענד; עטוואס וואס בעלייכט אדער אילומינירט; עטוואס וואס גיט פון זיך ארויס ליכט.

illu'minate *v.*, *a.* and *n.* (אי-ליו'-מי-נייט) בעלייכטען, אילומינירען; אילוסטרירען [מיט צייכנונגען]; אילוסטרירט; איינער וואס האט פרעטענזיעס אויף וויסען.

Illumina'ti *n.* (אי-ליו-מי-ניי'-טאי) די אילומינאטען [מיטגליעדער פון פערשיעדענע קריסטליכע סעקטען אין פערשיעדענע לענדער פון איירעפא אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט, וועלכע האבען געלייקענט אין ענטפלעקונגען, האבען זיך ניט זעהר שטרענג געהאלטען אן רעליגיעזע מנהגים און האבען בכלל געפרעדיגט אויפקלערונג אין רעליגיעזע ענינים; אן אילומינאטען-געזעלשאפט, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין באוואריען און האט זיך אין די יאהרען 1776 און 1785 פערשפרייט איבער גאנץ איירעפא, האט אויך געטראגען א פאליטישען כאראקטער און האט אגיטירט פאר רעפובליקאנישע רעגיערונגס-פארמען].

illumina'ti *n.* (אי-ליו-מי-ניי'-טאי) מענשען וואס האבען פרעטענזיעס אויף פעהיגקייטען און קענטניסע; אויפגעקלערטע מענשען [אין רעליגיעזע ענינים], משכילים.

illumina'tion *n.* (אי-ליו-מי-ניי'-שאן) בעלייכטונג; אילומינאציאן; אויפקלערונג; אילוסטראציאן.

illu'minative *a.* (אי-ליו'-מי-ניי-טיוו) בעלייכטענד, אילומינירענד; אויפקלערענד; אילוסטרירענד.

illumina'to *n.* (אי-לוה-מי-נא'-טאו) אן אילומינאט. ז. *Illuminati*

illu'minator *n.* (אי-ליו'-מי-ניי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס בעליכט; אן אילוסטראטאר [איינער וואס בעציערט אדער ערקלערט מיט צייכנונגען]; א גלאז אין אפטישע אינסטרומענטען צו קאנצענטרירען די שטראהלען; אן אפאראט צו ווארפען די שיין אויף א געוויסען פונקט; א גלעזערנע פלאטע אין א טראטואר אדער פאדלאגע [דיל].

illu'mine *v.* (אי-ליו'-מין) בעלייכטען, אילומינירען; אויפקלערען.

illuminee' *n.* (אי-ליו-מי-ניע') איינער וואס האט פרעטענזיעס אויף וויסען און אויפקלערונג; אן אילומינאט. ז. *Illuminati*.

illu'minism *n.* (אי-ליו'-מי-ניזם) די לעהרע פון די אילומינאטען. ז. *Illuminati*.

illure' *v.* (אי-ליור') ארייננארען, פערפיהרען.

ill u'sage (איל יו'-סעדזש) שלעכטע בעהאנדלונג, אונגערעכטיגקייט.

ill-use' *n.* (איל-יוס') שלעכטער געברויך, מיסברויך, שלעכטע בעהאנדלונג.

illu'sion *n.* (אי-ליו'-זשאן) אילוזיאן, פערבלענדונג; פערפיהרונג, פערנארונג; אזא זעהר דינער, דורכזיכטיגער טול.

illu'sionary *a.* (אי-ליו'-זשאנ-ע-רי) וואס איז עהנליך צו אן אילוזיאן אדער פערבלענדונג; וואס שיינט נור צו זיין דאס וואס עס איז; פערפיהרענד, פערבלענדענד.

illu'sionist *n.* (אי-ליו'-זשאנ-איסט) א פערבלענדעטער, איינער וואס גלויבט אין אילוזיאן, א פאנטאזיאר; א פאקוסניק.

illu'sive *a.* (אי-ליו'-סיוו) פערפיהרענד, פערבלענדענד; פאלש.

illu'sively *adv.* (אי-ליו'-סיוו-לי) אויף א פערבלענדענדען, פערפיהרענדען אופן; ווי אן אילוזיאן; פאלש.

illu'siveness *n.* (אי-ליו'-סיוו-נעס) פערבלענדונג; פערפיהרונג; דאס זיין ניט דאס וואס עס שיינט צו זיין.

illu'soriness *n.* (אי-ליו'-סא-רי-נעס) ז. *illusiveness*.

illu'sory *a.* (אי-ליו'-סא-רי) ז. *illusive*.

illus'trable *a.* (אי-לאס'-טרעבל) וואס קען אילוסטרירט ווערען, וואס קען געמאכט ווערען קלאר אדער ערקלערט ווערען.

illus'trate *v.* (אי-לאס'-טרייט) אילוסטרירען, מאכען צייכנונגען [אויף א בוך]; ערקלערען, קלאר מאכען; דערהויבען, פערעהרען.

illus'trater *n.* (אי-לאס'-טריי-טער) ז. *illustrator*.

illustra'tion *n.* (איל-אס-טריי'-שאן) אילוסטראציאן, א צייכנונג [אין א בוך]; קלאר-מאכונג, ערקלערונג.

illus'trative *a.* (אי-לאס'-טריי-טיוו) אילוסטרירענד, קלאר-מאכענד, ערקלערענד [דורך א משל, אן אויסצוג אדער צייכנונג].

illus'tratively *adv.* (אי-לאס'-טריי-טיוו-לי) אלס אילוסטראציאן, אלס ערקלערונג, אלס מיטעל צו מאכען עפעס קלאר און פערשטענדליך.

illus'trator *n.* (אי-לאס'-טריי-טאר) אן אילוסטראטאר, אן אילוסטרירער, איינער וואס מאכט קלאר, אילוסטרירט אדער מאכט צייכנונגען.

illus'trious *a.* (אי-לאס'-טרי-אס) ערהאבען, גרויס, פראמינענט, בעריהמט; גלענצענד.

illus'triously *adv.* (אי-לאס'-טרי-אס-לי) מיט ערהאבענהייט, מיט פראמינענץ, מיט בעריהמטקייט; גלענצענד.

illus'triousness *n.* (אי-לאס'-טרי-אס-נעס) בעריהמטקייט, ערהאבענהייט, פראמינענץ, גלאנץ.

illuxu'rious *a.* (אי-לאג-זשו'-רי-אס) ארעם, אהן לוקסוס.

ill'-will' *n.* (איל'-הוויל') פיינדליכקייט, שלעכטקייט.

ill'-willed' *a.* (איל'-הווילד') שלעכט, פיינדליך, בייזוויליג.

ill'-will'er *n.* (איל'-הוויל'-ער) ז. *ill-wisher*.

ill'-will'y *a.* (איל'-הוויל'-אי) בייז, שלעכט.

ill'-wish'er *n.* (איל'-הוויש'-ער) א שונא; איינער וואס ווינשט שלעכטס.

il'ly *a.* (איל'-אי) שלעכט, ניט צופרידענשמיילענד.

I'm (אים) אבקירצונג פון *I am* [איך בין].

im'age *n. and v.* (אימ'-עדזש) א בילד; א סטאטוע, א פארטרעט; אן אבבילדונג; א גענויע קאפיע; א געצען-בילד; א פארשטעלונג; א פינקטליכע עהנליכקייט; א שפיעגעל-בילד; אבבילדען; אבשפיעגלען; זיין עהנליך; פארשטעלען; זיך פארשטעלען.

im'ageable *a.* (אימ'-עדזש-עבל) וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין א בילד; וואס קען געמאלט ווערען; דענקבאר.

im'age-brea'ker *n.* (אימ'-עדזש-בריי'-קער) א געצען-צושטערער.

im'aged *a.* (אימ'-עדזשד) פערציערט מיט מענשליכע פיגורען.

im'ageless *a.* (אימ'-עדזש-לעס) אהן א געשטאלט.

im'age-mug *n.* (אימ'-עדזש-מאג) א קרוג וואס איז אויסגעמאכט אין דער פארם פון א מענשליכער פיגור.

im'agery *n.* (אימ'-עדזש-ער-אי) א בילד-ווערק; בילדער; שילדערונג; געדאנקען; ערצעהלונגס-בילד; איינבילדונג, פארשטעלונג אין געדאנקען.

im'age-wor'ship *n.* (אימ'-עדזש-הוואיר'-שיפ) בילדער-פערגעטערונג; געצענדיענסט.

imag'inable *a.* (אי-מעדזש'-אי-נעבל) דענקבאר, וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק.

imag'inableness *n.* (אי-מעדזש'-אי-נעבל-נעס) דענקבארקייט; דאס קענען פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק.

imag'inably *adv.* (אי-מעדזש'-אי-נע-בלי) אויף א דענקבארען אדער בעגרייפליכען אופן; פארשטעלבאר; מעגליך.

imag'inal *a.* (אי-מעדזש'-אי-נעל) וואס איז שייך צו א פאלשטענדיג-ענטוויקעלטען אינזעקט.

imag'inarily *adv.* (אי-מעדזש'-אי-נע-רי-לי) דורך איינבילדונג, דורך פארשטעלען זיך אין געדאנק; ניט ווירקליך; אין דער פארשטעלונג; אין איינבילדונג.

imag'inariness *n.* (אי-מעדזש'-אי-נע-רי-נעס) דאס איינגעבילדעטע, דאס עקזיסטירען נור אין איינבילדונג אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; אונווירקליכקייט.

imaginar'ity *n.* (אי-מעדזש-אי-נער'-אי-טי) אין מאטעמאטיק — דאס זיין אימאגינער. ז. *imaginary*.

imag'inary *n. and a.* (אי-מעדזש'-אי-נע-רי) איינגעבילדעט, וואס עקזיסטירט נור אין דער איינבילדונג אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; ניט ווירקליך; אין מאטעמאטיק — אימאגינער, ניט ווירקליך עקזיסטירענד נאר אין דער פארשטעלונג; אן אימאגינערע צאהל, א צאהל וועלכע קען נור פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק, ווי צ. ב. דער קוואדראט ווארצעל פון [—1].

imag'inary quan'tities (אי-מעדזש'-אי-נע-רי קהוואנ'-טי-טיז) אין דער מאטעמאטיק — אימאגינערע גרעסען [צאהלען וועלכע ווערען נור פארגעשטעלט אין געדאנק אבער זיי עקזיסטירען ניט אין דער ווירקליכקייט].

imagina'tion *n.* (אי-מעדזש-אי-ניי'-שאן) אן איינבילדונג, א פארשטעלונג, אן אידעע, א געדאנק, א מחשבה; א פלאן; איינבילדונגס-קראפט, פאנטאזיע; א גרונדלאזע אדער פאנטאסטישע מיינונג.

imagina'tional *a.* (אי-מעדזש-אי-ניי'-שאנ-על) איינגעבילדעט, פאנטאסטיש; וואס איז שייך צו דער איינבילדונגס-קראפט.

imag'inative *a.* (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו) פול מיט פארשטעלונגען אדער איינבילדונגען; רייך אין פאנטאזיעס; וואס איז שייך צו דער איינבילדונגס-קראפט; ערפינדעריש; איינגעבילדעט.

imag'inative fac'ulty (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו פעק'-אל-טי) די איינבילדונגס-קראפט.

imag'inatively *adv.* (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו-לי) דורך איינבילדונג אדער פארשטעלונג; מיט איינבילדונגס-קראפט; אויף אן איינגעבילדעטען אופן.

imag'inativeness *n.* (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו-נעס) רייכקייט אין פאנטאזיע; ערפינדזאמקייט; רייכקייט אין איינבילדונגס-קראפט.

imag'ine *v.* (אי-מעדזש'-אין) זיך פארשטעלען; זיך דענקען; פלאנעווען אין געדאנק.

imag'iner *n.* (אי-מעדזש'-אי-נער) אן ערדענקער, אן ערפינדער; איינער וועלכער שאפט אידעען אדער פלענער.

im'aging *n.* (אימ'-עדזש-אינג) איינבילדונג, פארשטעלונג.

ima'go *n.* (אי-מיי'-גאו) א פאלשטענדיג-ענטוויקעלטער אינזעקט [נאכדעם ווי ער איז דורכגעגאנגען די ענטוויקלונגס-שטופען פון א לארווא און א פופע].

imam' *n.* (אי-מאם') א מאכמעדאנישער הויפט אדער פיהרער; א מאכמעדאנישער גייסטליכער וואס לייענט די תפילות אין מעטשעט [מאכמעדאניש געבעט-הויז]; דער רעליגיעזער טיטעל וואס איז געגעבען געווארען צו מאכמעד און זיינע ערשטע פיער נאכפאלגער.

imaum' *n.* (אי-מאהם') ז. *imam*.

imband' *v.* (אים-בענד') צונויפזאמלען אין באנדעס.

im'becile *a. and n.* (אימ'-בע-סיל) שוואך אין פערשטאנד; איינער וואס איז שוואך אין פערשטאנד; אן אידיאט.

imbecil'ity *n.* (אים-בע-סיל'-אי-טי) שוואכקייט אין פערשטאנד.

imbed' *v.* (אים-בעד') איינבעטען, אריינלעגען ווי אין א בעט; איינגראבען.

imbibe' *v.* (אים-באיב') איינטרינקען, איינזויגען [ווי א שוואם]; זיך אננעהמען [מיט אימעצענס געדאנקען, פעהלערען א. ד. ג.].

imbi'ber *n.* (אים-באי'-בער) איינער אדער עטוואס וואס זויגט אין זיך אריין.

imbibi'tion *n.* (אים-בי-ביש'-אן) דאס איינזויגען.

imbow' *v.* (אים-באו') .ז *embow*

imbow'el *v.* (אים-באו'-על) .ז *embowel*

imbow'er *v.* (אים-באו'-ער) .ז *embower*

im'brex *n.* (אים'-ברעקס) אן אויסגעבויגענער ציעגעל [ווי א דאך-ציעגעל]; א דאך-ציעגעל.

im'bricate *a. and v.* (אים'-ברי-קייט) אויסגעבויגענען ווי א דאך-ציעגעל; וואס האט די פארם פון א דאך-ציעגעל; לעגען אייגס איבער'ן אנדערען ווי דאך-ציעגעל.

im'bricated *a.* (אים'-ברי-קיי-טעד) אויסגעבויגענען ווי א דאך-ציעגעל; וואס האט די פארם פון א דאך-ציעגעל.

im'bricately *adv.* (אים'-ברי-קייט-לי) אויף דעם אופן פון דאך-ציעגעל.

imbrica'tion *n.* (אים-ברי-קיי'-שאן) א דאך-ציעגעל-פערמיגע בעדעקונג.



Imbrication

im'bricative *a.* (אים'-ברי-קע-טיוו) .ז *imbricated*

imbro'glio *n.* (אים-בראו'-ליאו) א פערפלאנטערונג; א פערוויקלונג; א פערפלאנטערטער ענין.

imbrue' *v.* (אים-ברו') בעגיסען, דורכנעצען; איינטונקען.

imbrute' *v.* (אים-ברוט') מאכען ברוטאל, טהיעריש אדער גרויזאם; ווערען ברוטאל אדער גרויזאם.

imbrute'ment *n.* (אים-ברוט'-מענט) דאס ווערען ברוטאל אדער טהיעריש; דאס מאכען ברוטאל אדער טהיעריש.

imbue' *v.* (אים-ביו') דורכנעצען, אנזאפען; איינטונקען; דורכדרינגען.

Americans are **imbued** with the idea of liberty.

imbue'ment *n.* (אים-ביו'-מענט) דורכנעצונג; דאס זיין דורכגענעצט אדער אנגעזאפט.

imitabil'ity *n.* (אים-אי-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען נאכגעאהמט ווערען.

im'itable *a.* (אים'-אי-טעבל) וואס מען קען נאכאהמען אדער נאכמאכען; וואס איז ווערטה נאכצואהמען.

im'itableness *n.* (אים'-אי-טעבל-נעס) .ז *imitability*

im'itably *adv.* (אים'-אי-טע-בלי) צום נאכאהמען, צום נאכמאכען.

im'itate *v.* (אים'-אי-טייט) נאכאהמען, נאכמאכען, נאכטהאן.

imita'tion *n. and a.* (אים-אי-טיי'-שאן) נאכאהמונג, נאכמאכונג; ניט עכט, נאכגעמאכט.

imita'tional *a.* (אים-אי-טיי'-שאנ-על) וואס איז נאכגעאהמט אדער נאכגעמאכט; ניט עכט.

imita'tionist *n.* (אים-אי-טיי'-שאנ-איסט) א נאכאהמער, א נאכמאכער.

im'itative *a.* (אים'-אי-טיי-טיוו) נאכאהמענד, נאכמאכענד, נאכגעאהמט, נאכגעמאכט; וואס פאסט פאר נאכאהמונג; וואס איז גענייגט צו נאכאהמונג.

im'itatively *adv.* (אים'-אי-טיי-טיוו-לי) דורך נאכאהמונג; אויף א נאכגעאהמטען אדער נאכגעמאכטען אופן.

im'itativeness *n.* (אים'-אי-טיי-טיוו-נעס) דאס זיין נאכגעאהמט אדער נאכגעמאכט.

im'itator *n.* (אים'-אי-טיי-טאר) א נאכאהמער, א נאכמאכער.

im'itatorship *n.* (אים'-אי-טיי-טאר-שיפ) נאכאהמונג, נאכמאכעריי.

im'itatress *n.* (אים'-אי-טיי-טרעס) א נאכמאכעריין, א נאכאהמעריין.

im'itatrix *n.* (אים'-אי-טיי-טריקס) .ז *imitatress*

immac'ulacy *n.* (אי-מעק'-יו-לע-סי) דאס זיין ריין, אונבעפלעקט; דאס זיין מיט אן אונבעפלעקטען נאמען; דאס האבען איין קאליר אהן פלעקען.

immac'ulate *a.* (אי-מעק'-יו-לייט) אונבעפלעקט, אהן א מום, ריין, קלאר.

Immac'ulate Concep'tion (אי-מעק'-יו-לייט קאנ-סעפ'-שאן) די אונבעפלעקטע בעפרוכטונג [א דאגמע אין דער קאטוילישער קירך, אז די הייליגע מאריע, קריסטוס'ס מוטער, איז אויך געבארען געווארען אהן א געשלעכטליכען פערקעהר צווישען א פרויענצימער און מאנספערזאן, ווי קריסטוס אליין].

immac'ulately *adv.* (אי-מעק'-יו-לייט-לי) מיט אן אונבעפלעקטער ריינקייט.

immac'ulateness *n.* (אי-מעק'-יו-לעט-נעס) ריינקייט, אונבעפלעקטקייט.

immal'leable *a.* (אי-מעל'-אי-עבל) אונשמיעדבאר, וואס לאזט זיך ניט שמיעדען; וואס קען זיך ניט אויסציהען אדער אויסברייטען דורך שמיעדען.

imman'acle *v.* (אי-מענ'-עקל) פערשמיעדען אין קייטען; אנטהאן קאנדאלען אויף די הענד.

immana'tion *n.* (אים-ע-ניי'-שאן) דאס אריינפליסען, דאס אריינטרעטען אין ערגענץ.

im'manence *n.* (אים'-ע-נענס) אין פילאזאפיע — אימאנענץ, אינערליכקייט, דאס וואס ענטהאלט זיך אין עצם פון דער זאך אליין [ווי למשל, די לעהרע, אז דער שאפענדער גייסט אדער גאט איז ניט א זאך וואס עקזיסטירט אויסער דער נאטור, נאר ענטהאלט אין זיך דעם עצם פון דער נאטור אליין].

im'manency *n.* (אים'-ע-נענ-סי) .ז *immanence*

im'manent *a.* (אים'-ע-נענט) אימאנענט, אינערליך; וואס געפינט זיך ניט אויסער דער זאך, נאר ליעגט אין עצם פון דער זאך גופא.

im'manent act (אים'-ע-נענט עקט) א טהאט, וועלכע ווירקט אינערליך אויף דער אורזאכע גופא, וואס האט ארויסגערופען דיעזע טהאט, אבער ווירקט ניט אויף קיין אנדער זאך אויסער איהר.

imman'tle *v.* (אים-מענ'-טל) איינהילען אדער איינוויקלען ווי אין א מאנטעל.

Imman'uel *n.* (אי-מענ'-יו-על) עמנואל, גאט איז מיט אונז [דער נאמען פון רעטער פון אידישען פאלק, וועגען וועלכען ישעיה הנביא האט נביאות געזאגט, און די קריסטליכע לעהרען בעהויפטען, אז אונטער דיעזען נאמען האט ער געמיינט קריסטוס'ען].

immar'ginate *a.* (אי-מאר'-דזשי-נייט) אהן ראנדען.

immate'rial *a. and n.* (אים-ע-טי'-רי-על) ניט מאטעריעל, אונקערפערליך; אונבעדייטענד, ניט וויכטיג; דאס וואס איז אונמאטעריעל אדער אונקערפערליך.

immate'rialism *n.* (אים-ע-טי'-רי-על-איזם) אימאטעריאליזם, די לעהרע לויט וועלכער עס עקזיסטירען גייסטער אהן קערפערס, ספיריטואליזם; די לעהרע, אז קיין מאטעריעלע וועלט עקזיסטירט ניט און אלע זאכען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים זיינען ניט מעהר ווי אונזערע פארשטעלונגען; אידעאליזם.

immate'rial is'sue (אים-ע-טי'-רי-על איש'-אוה) אין געריכטס-פראצעס — א ניט-וויכטיגע אדער אונבעדייטענדע שטרייט-פראגע [ווי למשל, ווען איינער מאהנט פון צווייטען געלד פאר סחורה און דער צווייטער איז מודה, אז ער האט ווירקליך געקויפט די סחורה, נאר ניט אין דעם טאג ווי דער אנקלאגער ווייזט אן].

immate'rialist *n.* (אים-ע-טי'-רי-על-איסט) איינער וואס גלויבט דאס עס עקזיסטירען גייסטער אהן קערפערס; איינער וועלכער האלט, אז קיין מאטעריעלע וועלט עקזיסטירט ניט.

immaterial'ity *n.* (אים-ע-טי-רי-על'-אי-טי) אונקערפערליכקייט; דאס זיין בלויז גייסטיג; אן אונמאטעריעלע אדער אונקערפערליכע זאך; אונוויכטיגקייט; דאס ניט האבען קיין בעדייטונג.

immate'rialize *v.* (אים-ע-טי'-רי-על-איז) מאכען אונקערפערליך; בעפרייען פון חומר אדער שטאף.

immate'rially *adv.* (אים-ע-טי'-רי-על-אי) אויף אן אונבעדייטענדער אדער ניט וויכטיגער ארט; אויף אן אונקערפערליכען אדער גייסטיגען שטייגער.

immature' *a.* (אים-ע-טיור') אונרייף, אונצייטיג; פריהצייטיג.

immatured' *a.* (אים-ע-טיורד') אונרייף, אונצייטיג.

immature'ly *adv.* (אים-ע-טיור'-לי) צו-פריה, פאר דער צייט.

immature'ness *n.* (אים-ע-טיור'-נעס) אונצייטיגקייט, אונרייפקייט.

immatu'rity *n.* (אים-ע-טיו'-רי-טי) .ז *immatureness*

immeasurabil'ity *n.* (אי-מעזש-איר-ע-ביל'-אי-טי) .ז *immeasurableness*

immeas'urable *a.* (אי-מעזש'-איר-עבל) וואס קען ניט אויסגעמאסטען ווערען; אונערמעסליך, זעהר גרויס.

immeas'urableness *n.* (אי-מעזש'-איר-עבל-נעס) אונערמעסליכקייט; דאס ניט קענען זיין אויסגעמאסטען; א זאך וואס האט קיין גרענעץ ניט.

immeas'urably *adv.* (אי-מעזש'-איר-ע-בלי) ביז אין דער אונענדליכקייט.

imme'diacy *n.* (אי-מי'-די-ע-סי) דאס שטעהן דירעקט אדער אונמיטעלבאר צו עפעס; דאס זיין אהן א פערמיטלער, דאס האבען א דירעקטע שייכות; אין פילאזאפיע — דאס וואס עקזיסטירט אן און פאר-זיך, אהן וועלכער ניט איז שייכות צו אן אנדער זאך, אן אבסאלוטעס וועזען.

imme'diate *a.* (אי-מי'-די-אייט) זאפארטיג, באלד, גלייך; אונמיטעלבאר; וואס האט א דירעקטע שייכות.

imme'diate agglutina'tion (אי-מי'-די-אייט ע-גלו-טי-ניי'-שאן) אין כירורגיע — דאס פערהיילען א וואונד, צוזאמענהעפטענדיג דירעקט די צוריסענע אדער פאנאנדערגעשניטענע טיילען, ניט לעגענדיג צווישען זיי וועלכע עס איז זאך.

imme'diate cer'tainty (אי-מי'-די-אייט סויר'-טענ-טי) אן אונמיטעלבארע

געוויסהייט, א זאך, וועלכע מען האלט פאר געוויס ניט אויף׳ן גרונד פון לאגישען דענקען, נאר אונמיטעלבאר [ווי למשל, די געוויסהייט, אז שווארץ איז ניט ווייס, אז א קרייז איז ניט קיין קוואדראט א. ד. ג.].

imme'diate good (אי־מי׳־די־אייט גוד) עטוואס וואס ווערט אנערקענט אלס ציעל אן און פאר זיך.

imme'diately *adv.* (אי־מי׳־די־אייט־לי) אויגענבליקליך; אונמיטעלבאר, דירעקט.

imme'diateness *n.* (אי־מי׳־די־אייט־נעס) דאס זיין אונמיטעלבאר; באלדקייט, אויגענבליקליכקייט.

imme'diate tes'timony (אי־מי׳־די־אייט טעס׳־טי־מא־ני) דאס עדות־זאגען פון פעריזענליכער ערפאהרונג [ווען דער עדות האט אליין געזעהן אדער איז אליין בעקאנט דערמיט ווענען וואס ער זאגט עדות].

imme'diatism *n.* (אי־מי׳־די־ע־טיזם) אונמיטעלבארקייט, אונפערמיטעלטקייט; באלדיגקייט.

immed'icable *a.* (אי־מעד׳־אי־קייבל) וואס קען ניט אויסגעהיילט ווערען; אונהיילבאר.

immelo'dious *a.* (אים־אי־לאו׳־די־אס) ניט מעלאדיש.

immemo'rial *a.* (אים־ע־מאו׳־רי־על) אונגעדענקליך, וואס מען קען ניט געדענקען; פון אונגעדענקליכע אלטע צייטען.

immemo'rially *adv.* (אים־ע־מאו׳־רי־על־אי) פארצייטיג, פון גאנץ אלטע צייטען.

immense' *a.* (אי־מענס׳) אונגעהויער גרויס, אונערמעסליך, אונבעגרענצט, אונענדליך; פון זעהר א גרויסער קוואנטיטעט; ריעזיג; גרויסארטיג.

immense'ly *adv.* (אי־מענס׳־לי) זעהר גרויס; ביז אן אונגעהויערען גראד.

immense'ness *n.* (אי־מענס׳־נעס) ז. *immensity*

immen'sity *n.* (אי־מענ׳־סי־טי) אונערמעסליכקייט, אונענדליכקייט; א גוואלדיגע גרויס.

immensurabil'ity *n.* (אי־מענ־שו־רע־ביל׳־אי־טי) אונערמעסליכקייט, אונענדליכקייט.

immen'surable *a.* (אי־מענ׳־שו־רעבל) אהן א מאס, אונערמעסליך, אונענדליך גרויס.

im'mer *n.* (אימ׳־ער) דער אייז־טויכער [אזא גרויסער וואסער־פויגעל]. ז. *ember-goose*

immerge' *v.* (אי־מוירדזש׳) אונטערטויכען; פערשווינדען אדער ניט לאזען זיך מעהר זעהן [ווי א שטערען ווערט פערשוואונדען פון אויג, ווען איהם פערשטעלט דער שיין פון דער זון אדער ווי די לבנה ווערט ניט געזעהן, ווען זי געהט אריין אין דעם שאטען פון דער ערד].

immer'sable *a.* (אי־מויר׳־סעבל) ז. *immersible*

immerse' *v.* (אי־מוירס׳) אונטערטויכען, אונטערטונקען זיך אדער אריינלאזען זיך אין א שטראם; טובל זיין; אריינטהאן זיך אין עטוואס.

immersed' *a.* (אי־מוירסט׳) אריינגעטויכט אין א שטראם, איינגעזונקען; אריינגעטהאן, אין גאנצען זיך איבערגעגעבען צו עפעס; אין באטאניק — וואס וואקסט אונטער׳ן וואסער אדער צווישען שפאלטען פון פעלזען אדער ערד.

immer'sible *a.* (אי־מויר׳־סיבל) וואס קען זיך אונטערטויכען; וואס קען אין גאנצען אריינדרינגען.

immer'sion *n.* (אי־מויר׳־שאן) דאס אונטערטויכען, דאס אריינלאזען זיך מיט׳ן קאפ אין וואסער; דאס אריינדרינגען טיעף אין אן ענין, דאס איבערגעבען זיך אין גאנצען צו א געוויסער זאך; אין אסטראנאמיע — דאס פערשווינדען פון א שטערען אדער אנדער הימלישען קערפער דורך דעם, וואס ער געהט אריין אין שאטען פון דער זון אדער פון דער ערד; דאס ארייגשטעלען א טראפען פליסיגקייט אין א מיקראסקאפ; דאס בעדעקען א ליימענע כלי מיט גלאזור אונטערטונקענדיג זי אין א קעסעל מיט פאנאנדערגעלאזענער גלאזור.

immer'sionist *n.* (אי־מויר׳־שאנ־איסט) אן אימערסיאניסט, אן אנהענגער פון א קריסטליכער סעקטע, וועלכע האלט, אז ביים טויפען דארף מען אין גאנצען זיך טובל זיין און ניט נאר בעשפריצען מיט דעם הייליגען טויף־וואסער, ווי ביי די אנדערע קריסטען.

immesh' *v.* (אים־מעש׳) בעשטריקען, ארומוויקלען אדער איינדרעהען אין א נעץ.

immethod'ical *a.* (אים־אי־טהאד׳־אי־קעל) אהן א מעטאדע, אהן א סדר, ניט אין א סיסטעמאטישער ארדנונג.

immethod'ically *adv.* (אים־אי־טהאד׳־אי־קעל־אי) אויף אן אונמעטאדישען שטייגער; אהן א סיסטעמאטישער ארדנונג.

immethod'icalness *n.* (אים־אי־טהאד׳־אי־קעל־נעס) דאס זיין אונמעטאדיש אדער אהן א סדר.

im'migrant *n.* and *a.* (אימ׳־אי־גרענט) אן אימיגראנט, אן איינוואנדערער; איינער וועלכער האט איינגעוואנדערט פון אן אנדער לאנד; וואס האט איינגעוואנדערט פון אן אנדער לאנד.

im'migrate *v.* (אימ׳־אי־גרייט) אימיגרירען, איינוואנדערען, אנקומען פון אן אנדער לאנד.

immigra'tion *n.* (אים־אי־גריי׳־שאן) אימיגראציאן, איינוואנדערונג.

im'minence *n.* (אימ׳־אי־נענס) עפעס וואס שטעהט אימעצען פאר; דאס וואס מוז אונפערמיידליך קומען; אונפערמיידליכקייט.

im'minent *a.* (אימ׳־אי־נענט) וואס מוז פארקומען; וואס איז אונפערמיידליך.
The approach of the enemy was imminent.

im'minently *adv.* (אימ׳־אי־נענט־לי) אויף אן אונפערמיידליכען אופן.

immiscibil'ity *n.* (אי־מיס־אי־ביל׳־אי־טי) אונפערמישבארקייט; דאס ניט קענען פערמישט ווערען.

immis'cible *a.* (אי־מיס׳־איבל) וואס קען ניט פערמישט ווערען [ווי אויל מיט וואסער].

immis'sion *n.* (אי־מיש׳־אן) דאס אריינלאזען אדער אריינברייננען; דאס אריינשפריצען.

immit' *v.* (אים־מיט׳) אריינלאזען; אריינשפריצען.

immit'igable *a.* (אי־מיט׳־אי־געבל) וואס לאזט זיך ניט בויגען; וואס וויל ניט ווייכער ווערען; וואס לאזט זיך ניט איבערבעטען.

immit'igably *adv.* (אי־מיט׳־אי־גע־בלי) ניט לאזענדיג זיך בויגען אדער איינבעטען.

immix' *v.* (אים־מיקס׳) אריינמישען, פערמישען.

immix'able *a.* (אי־מיק׳־סעבל) וואס קען זיך ניט פערמישען.

immo'bile *a.* (אי־מאו׳־ביל) אונבעוועגליך, פעסט; וואס ווערט ניט גערירט [פון געפיהלען].

immobil'ity *n.* (אים־א־ביל׳־אי־טי) אונבעוועגליכקייט, פעסטקייט; אונפעהיגקייט גערירט צו ווערען [פון געפיהלען].

immobiliza'tion *n.* (אי־מאו־בי־לי־זיי׳־שאן) דאס מאכען פעסט, אונבעוועגליך; דאס מאכען אדער זיין ניט מאביליזירט אדער קריעגס־פערטיג [וועגען אן ארמעע אדער פלאטע].

immo'bilize *v.* (אי־מאו׳־בי־לאיז) מאכען אונבעוועגליך אדער פעסט; מאכען ניט מאביליזירט אדער קריעגס־פערטיג [אן ארמעע אדער פלאטע].

immod'erate *a.* (אי־מאד׳־ע־רייט) ניט מעסיג, וואס כאפט אריבער די מאס.

immod'erately *adv.* (אי־מאד׳־ע־רייט־לי) איבער דער מאס, אריבערכאפענדיג די מאס.

immod'erateness *n.* (אי־מאד׳־ע־רייט־נעס) אונמעסיגקייט, דאס אריבערכאפען די מאס.

immodera'tion *n.* (אי־מאד־ע־ריי׳־שאן) ז. *immoderateness*

immod'est *a.* (אי־מאד׳־עסט) ניט בעשיידען, חוצפה׳דיג; ניט צניעות׳דיג, אונאנשטענדיג.

immod'estly *adv.* (אי־מאד׳־עסט־לי) אויף אן אונבעשיידענעם, חוצפה׳דיגען אדער אונאנשטענדיגען אופן.

immod'esty *n.* (אי־מאד׳־עס־טי) אונבעשיידענהייט, חוצפה, אונאנשטענדיגקייט.

im'molate *v.* (אימ׳־א־לייט) מקריב זיין.

immola'tion *n.* (אים־א־ליי׳־שאן) דאס מקריב זיין; דאס ווערען געבראכט אלס קרבן; א קרבן.

im'molator *n.* (אימ׳־א־ליי־טאר) איינער וואס איז מקריב א קרבן.

immo'ment *a.* (אי־מאו׳־מענט) ז. *immomentous*

immomen'tous *a.* (אים־א־מענ׳־טאס) אונבעדייטענד, אונוויכטיג.

immor'al *a.* (אי־מאר׳־על) אונמאראליש, אהן מדות, אהן זיטען.

immoral'ity *n.* (אים־א־רעל׳־אי־טי) אונמאראליטעט, אונזיטליכקייט.

immor'ally *adv.* (אי־מאר׳־על־אי) אונמאראליש; אונזיטליך.

immorig'erous *a.* (אים־א־רידזש׳־ע־ראס) אונגעהארכזאם; גראב.

immorig'erousness *n.* (אים־א־רידזש׳־ע־ראס־נעס) אונגעהארכזאמקייט; גראבקייט.

immor'tal *a.* and *n.* (אי־מאר׳־טעל) אייביג; אן אונשטערבליכער [אין דער גריכיש־רוימישער מיטאלאגיע — איינער פון די געטער].

immor'tal herb (אי־מאר׳־טעל הוירב) די שטרוי־בלום [אזא פלאנצע].

immortalisa'tion *n.* (אי־מאר־טעל־אי־זיי׳־שאן) ז. *immortalization*

immor'talise *v.* (אי־מאר׳־טעל־איז) ז. *immortalize*

immor'talist *n.* (אי־מאר׳־טעל־איסט) אן אימארטאליסט [איינער וואס גלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה].

immortal'ity *n.* (אים־אר־טעל׳־אי־טי) אונשטערבליכקייט, אייביגקייט.

immor'talize *v.* (אי-מאָר'-טעל-איז) מאַכען אונשטערבליך, פֿעראייביגען; ווע־רען אונשטערבליך, זיך פֿעראייביגען.

immortaliza'tion *n.* (אי-מאָר-טעל-אי-זיי'-שאַן) פֿעראייביגונג, דאָס מאַכען אונשטערבליך, דאָס ווערען אונשטערב־ליך.

immor'tally *adv.* (אי-מאָר'-טעל-אי) אונשטערבליך; אויף אייביג.

immortelle' *n.* (אימ-אָר-טעל') די אימאָרטעלע [אַזאַ בלום]; אַ קראַנץ פֿון אימאָרטעלען.

Immortelles

immo'tile *a.* (אי-מאָו'-טיל) אונבע־וועגליך, פֿעסט.

immo'tive *a.* (אי-מאָו'-טיוו) אונפֿע־היג זיך צו בעווע־גען.

immovabil'ity *n.* (אי-מו-ווע-ביל'-אי-טי) אונבעוועגליכקייט; פֿעסטקייט.

immo'vable *a.* (אי-מו'-וועבל) אונבע־וועגליך; פֿעסט; וואָס ווערט ניט גע־ריהרט [פֿון געפֿיהלען], אונעמפּפֿינד־ליך; אונבעוועגליכעס [וועגען אייגענ־טום]. –

immo'vable feast (אי-מו'-וועבל פֿיעסט) אַ יום טוב וואָס קומט אימער פֿאַר אין איין און דעמזעלבען דאַטום.

immo'vableness *n.* (אי-מו'-וועבל-נעס) ז. *immovability*

immo'vables *n.* (אי-מו'-וועבלז) אונ־בעוועגליך אייגענטום.

immund' *a.* (אי-מאַנד') אונרייז.

immun'dity *n.* (אי-מאַנ'-די-טי) אונ־ריינקייט.

immune' *a. and n.* (אי-מיון') בעשיצט פֿון עפּעס, ניט אונטערוואָרפֿען צו עפּעס; בעשיצט פֿון אַ קראַנקהייט דורך אַן איינ־שפּריצונג פֿון דעם גיפֿט פֿון דערזעלבער קראַנקהייט [ווי למשל, ביי פּאָקען־שטע־לען] אָדער דורך דעם וואָס די פּערזאָן האָט שוין געליטען פֿון דיעזער קראַנקהייט; איינער וואָס איז אויף דיעזען אופֿן גע־שיצט פֿון אַ געוויסער קראַנקהייט.

immune' se'rum (אי-מיון' סי'-ראַם) אַ שטאָף וואָס דיענט פֿאַר קינסטליכער אַנ־שטעקונג מיט אַ געוויסער קראַנקהייט און פֿערהיט דערמיט פֿון דיעזער קראַנקהייט [ווי ביי פּאָקען].

immu'nity *n.* (אי-מיו'-ני-טי) פֿריי־הייט, בעפֿרייאונג; בעפֿרייאונג פֿון גע־וויסע פֿפֿליכטען, אַבצאָהלונגען א. ד. ג.; אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע.

immuniza'tion *n.* (אי-מיו-ני-זיי'-שאַן) דאָס שיצען געגען געוויסע אַנשטע־קענדע קראַנקהייטען דורך קינסטליכער אַנשטעקונג מיט דעם ניפֿטיגען שטאָף וואָס ענטוויקעלט זיך ביי אַזאַ קראַנקהייט [ווי למשל, ביי פּאָקען־שטעלען].

immu'nize *v.* (אי-מיו'-נאַיז) בעשי־צען געגען געוויסע קראַנקהייטען [הויפּט־זעכליך דורך קינסטליכער אַנשטעקונג, מיט דעם גיפֿט וואָס ענטוויקעלט זיך ביי דיע־זער קראַנקהייט, ווי למשל, ביי פּאָקען־שטעלען].

immure' *v.* (אי-מיור') אַרוממויערען, אַרומרינגלען מיט ווענד, איינמויערען, איינשפּאַרען אין תפיסה.

immure'ment *n.* (אי-מיור'-מענט) דאָס איינמויערען, דאָס אַריינמויערען, דאָס אַריינזעצען אין תפיסה.

immutabil'ity *n.* (אי-מיו-טע-ביל'-אי-טי) אונפֿערענדערליכקייט; דאָס זיין אונפֿערענדערליך.

lac'tate *v. and n.* (לעק'-טייט) פערוואנדלען אין מילך; מאכען ווי מילך; אנזויגען; אין כעמיע — מילך=זויערע זאלץ [א זאלץ וואס בעקומט זיך פון זויער=מילך].

lacta'tion *n.* (לעק-טיי'-שאן) די אויסבילדונג אדער אויסטיילונג פון מילך; דאס זויגען, דאס קארמען מיט מילך.

lacta'tional *a.* (לעק-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער צייט פון זויגען א קינד.

lac'teal *a. and n.* (לעק'-טי-על) מילכיג; וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו מילך; עהנליך צו כילוס [מילך=עהנליכע נאהרונגס=זאפט פון שפייזען וואס ווערט איבערגעקאכט אין די געדערים נאכדעם ווי עס קומט פון מאגען]; וואס בריינגט ארויס מילך אדער כילוס; אן אדערעל וואס זויגט אין זיך אריין דעם כילוס.

lac'teally *adv.* (לעק'-טי-על-אי) ווי מילך; ווי כילוס. ז. ***lacteal***

lac'teal vein (לעק'-טי-על וויין) דאס מילך=געפעס; כילוס=געפעס [אין קערפער]. ז. ***lacteal***

lac'teal ves'sel (לעק'-טי-על ועס'-על) ז. ***lacteal vein***

lac'tean *a.* (לעק'-טי-ען) מילכיג; מילך=עהנליך; וואס בריינגט ארויס מילך אדער כילוס. ז. ***lacteal***

lac'tein *n.* (לעק'-טי-אין) דער שטאף וואס בלייבט, ווען מילך ווערט אויסגעדאמפפט; קאנצענטרירטע מילך.

lac'teous *a.* (לעק'-טי-אס) ז. ***lactean***

lac'teously *adv.* (לעק'-טי-אס-לי) ז. ***lacteally***

lactes'cence *n.* (לעק-טעס'-ענס) מילכיגקייט; דאס זיין אדער אויסזעהן ווי מילך; א מילך=עהנליכע זאפט וואס פליסט ארויס פון געוויסע פלאנצען, ווען זיי ווערען בעשעדיגט.

lactes'cency *n.* (לעק-טעס'-ענ-סי) ז. ***lactescence***

lactes'cent *a.* (לעק-טעס'-ענט) מילכיג; עהנליך צו מילך; וואס פערמאגט א מילך=עהנליכען זאפט [וועגען פלאנצען]; אויסטיילענדיג פון זיך א מילך=עהנליכען זאפט [וועגען געוויסע אינזעקטען].

lac'tic *a.* (לעק'-טיק) מילכיג; געמאכט פון מילך; געמאכט פון עטוואס וואס איז עהנליך צו מילך.

lac'tic ac'id (לעק'-טיק עס'-איד) מילך=זויערע [א זויערע וואס געפינט זיך אין זויער=מילך].

lactif'erous *a.* (לעק-טיפ'-ע-ראס) מילכיג; מילך=עהנליך; וואס בריינגט ארויס מילך אדער כילוס; וואס בריינגט ארויס א מילך עהנליכען זאפט. ז. ***lacteal***

lactif'erous duct (לעק-טיפ'-ע-ראס דאקט) דער מילך=קאנאל [אין קערפער].

lactif'ic *a.* (לעק-טיפ'-איק) וואס פראדוצירט מילך.

lactif'ical *a.* (לעק-טיפ'-אי-קעל) ז. ***lactific***

lactifica'tion *n.* (לעק-טי-פי-קיי'-שאן) דאס בילדען זיך פון מילך=זויערע [אין מילך]. ז. ***lactate***

lactif'luous *a.* (לעק-טיפ'-לו-אס) פליסענד מיט מילך; אויסטיילענדיג א געדיכטען מילך=עהנליכען זאפט.

lac'tiform *a.* (לעק'-טי-פארם) מילך=עהנליך.

lactif'ugal *a.* (לעק-טיפ'-יו-געל) וואס האלט אב אדער פערקלענערט דאס פליסען אדער דאס ארויסברייננגען פון מילך.

lac'tifuge *n.* (לעק'-טי-פיודזש) א מעדיצינישער מיטעל אבצוהאלטען אדער צו פערקלענערען די אויסטיילונג פון מילך.

lac'tine *n.* (לעק'-טין) ז. ***lactose***

lactom'eter *n.* (לעק-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די פעטקייט און ריינקייט פון מילך.

lac'toscope *n.* (לעק'-טא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו פרובירען מילך.

lac'tose *n.* (לעק'-טאוס) מילך=צוקער [צוקער וואס מען קריעגט ארויס פון מילך].

lacu'na *n.* (לע-קיו'-נא) א הויהל, א גרוב, א פערטיעפונג, א ריס, אן אונטערברעכונג, א לאך, אן אויסהוילונג; א לעדיגער פלאץ, עטוואס וואס פעהלט אין מיטען.

lacu'nar *n. and a.* (לע-קיו'-נאר) א סופיט [סטעליע] וואס איז געמאכט ווי פון צונויפגעשטעלטע, טיעפע קעסטלעך; וואס איז שייך צו א פערטיעפונג; וואס האט פערטיעפונגען אדער אויסהוילונגען.

lacune' *n.* (לע-קיון') ז. ***lacuna***

lacus'tral *a.* (לע-קאס'-טרעל) ז. ***lacustrine***

lacus'trian *a. and n.* (לע-קאס'-טרי-ען) וואס איז שייך צו א לאנד=זעע אדער אזערע; וואס לעבט אויף אדער אין אזערעס; איינער וואס האט זיין וואהנונג אויף אן אזערע. ז. ***lake-dweller***

lacus'trine *a.* (לע-קאס'-טרין) וואס איז שייך צו אן אזערע; וואס לעבט אין אדער אויף אן אזערע. ז. ***lake-dweller***

la'cy *a.* (ליי'-סי) עהנליך צו שפיצען [איינזאץ, קרוזשעווע].

lad *n.* (לעד) א אינגעל, א בחור'על.

lad'anum *n.* (לעד'-ע-נאם) לאדאנום, ווייהרויך.

lad'der *n.* (לעד'-ער) א לייטער.

lad'der-bee'tle *n.* (לעד'-ער-ביעטל) אזא אמעריקאנער זשוק [ער האט זילבער=ווייסע פלינגלען געשטרייפט אין גרין].

Ladder-beetle

lad'der-car'riage *n.* (לעד'-ער-קער'-עדזש) א וואגען, אויף וועלכען מען האלט די לייטערס וואס ווערען בענוצט פון פייער=לעשער.

lad'derway *n.* (לעד'-ער-הוויי) אן עפנונג אין א שאכטע צום ארויפגעהן און אראבגעהן מיט א לייטער.

lad'der-work *n.* (לעד'-ער-הוואירק) ארבייט נעטהאן מיט דער הילף פון א לייטער [ווי ביים בויען אדער ביים פארבען ווענט].

lad'dess *n.* (לעד'-עס) א מיידעל [א הומאריסטישער אויסדרוק].

lad'die *n.* (לעד'-אי) א אינגעל; א בחור, א יונגערמאן; א געליעבטער.

lade *v. and n.* (לייד) לאדען; בעלאדען; איבערלאדען; אויסשעפען; אריינפליסען וואסער אין א שיף; א וואסער קאנאל; אן אויסגוס פון א טייך [דער ארט, וואו א טייך גיסט זיך אריין אין א צווייטען טייך אדער אין ים].

la'den *a.* (ליידן) אנגעלאדען, בעלאדען. ז. ***lade***

la'dies' man (ליי'-דיעז מען) א דאמען פריינד.

la'ding *n.* (ליי'-דינג) לאדונג, פראכט.
The bill of **lading** reached us to-day.

lad'kin *n.* (לעד'-קין) א קליין אינגעל, א יונג בחור'על.

la'dle *n. and v.* (ליי'דל) א גרויסער, לאנגער לעפעל; א קאך=לעפעל; א שויפעל פון א וואסער=ראד; א לאדע=שויפעל [אזא שויפעל וואס ווערט געברויכט ביים אנלאדען א הארמאט]; שעפען מיט א קאך=לעפעל.

la'dle-board *n.* (ליי'דל-באורד) א שויפעל=ברעטעל פון א וואסער=ראד.

la'dleful *n.* (ליי'דל-פול) א פולער לעפעל.

ladrone' *n.* (לע-דראון') א רויבער, א גנב.

la'dy *n.* (ליי'-די) א מאדאם, א דאמע; א פרוי; דיווירטהין פון הויז.

La'dy *n.* (ליי'-די) א ליידי [א טיטול אין ענגלאנד פאר פרויען פון הויכען אדעל].

la'dybird *n.* (ליי'-די-בוירד) משה רבינו'ס קיהעלע [אזא קליינע באבעלקע אדער זשוק מיט רויטע אויבערשטע פליגעל=דעקלעך וועלכע זיינען בעדעקט מיט שווארצע פינטעלעך].


Ladybird

la'dybug *n.* (ליי'-די-באג) ז. ***ladybird***

la'dycow *n.* (ליי'-די-קאו) ז. ***ladybird***

La'dy-day *n.* (ליי'-די-דיי) די אנקינדיגונג פון מאריען, יעזוס'עס מוטער, אז זי וועט געבארען יעזוס'ען [א קריסטליכער יום=טוב דעם 25טען מערץ]. ז. ***Annunciation-day***

la'dy-fern *n.* (ליי'-די-פוירן) דער פרויען=פארן [אזא פלאנצע].

la'dyfly *n.* (ליי'-די-פלאי) ז. ***ladybird***

la'dyhood *n.* (ליי'-די-הוד) דאמענטום, דער שטאנד און די אייגענשאפט פון א דאמע.

la'dy-kill'er *n.* (ליי'-די-קיל'-ער) א פרויען=הארץ=פאנגער, איינער וואס פערדרעהט אלע פרויען די קעפ [א הומאריסטישער אויסדרוק].
His good looks and good manners have made him a **lady-killer**.

la'dy-kill'ing *n.* (ליי'-די-קיל'-אינג) דאס פאנגען פרויען=הערצער, דאס פערדרעהען פרויען די קעפ.

la'dylike *a.* (ליי'-די-לאיק) ווי א דאמע

מע; צארט, עדעל, גוט ערצויגען: פרויען=עהנליך, שוואכליך [וועגען א מאן].

la'dy-love *n.* (ליי'-די-לאוו) א נעליעבטע; ראמאנטישע ליעבע; ליעבע צו א פרוי.

la'dy's-bed'straw *n.* (ליי'-דיז-בעד'-סטראה) דאס געלבע לאבקרויט [אזא פלאנצע].

la'dy's-bow'er *n.* (ליי'-דיז-באו'-ער) די וואלדרעבע [אזעלכע גראזען און קוסטעם מיט ווייסליכע בליטהען].

la'dy's-comb *n.* (ליי'-דיז-קאום) די ווענוס=קאם [אזא אייראפעאישע פלאנצע מיט קליינע ווייסע בליטהען, וואקסט אויף בעארבייטע פעלדער. די פרוכט פון דיזער פלאנצע האט שארפע, לאנגע שפיצען, וועלכע דערמאנען אן די צייהנער פון א קאם].

la'dy's-cush'ion *n.* (ליי'-דיז-קוש'-אן) די ים=קישען [אזא ים=פלאנצע מיט א קישען=פערמיגען אנוואוקס].

la'dy's-fin'ger *n.* (ליי'-דיז-פינ'-גער) א געוויסער זארט עפעל; וואונד=קלעע [אזא גראז].

la'dy's-hair *n.* (ליי'-דיז-העהר) דאס ציטער=גראז [אזא פלאנצע].

la'dyship *n.* (ליי'-די-שיפ) דער טיטול און שטאנד פון אן אדעליגער דאמע.

la'dy's-maid *n.* (ליי'-דיז-מייד) א קאמער=מיידעל, א פאקאיאווע ביי א דאמע.

la'dy's-man'tle *n.* (ליי'-דיז-מענ'טל) דער פרויען=מאנטעל [אזא ביטער גראז, ווערט געברויכט אין מעדיצין].

la'dy's-seal *n.* (ליי'-דיז-סיעל) דער שמערוואורצעל [אזא קלעטערענדע פלאנצע מיט גרינליך=ווייסע בליטהען און רויטע יאגדעס].

la'dy's-slip'per *n.* (ליי'-דיז-סליפ'-ער) דער פרויען=שוך [א מין ארכידעען=פלאנצע. די ווארצלען ווערען געברויכט אין מעדיצין אלס מיטעל נעגען ספאזמען און נערוועזיטעט].

la'dy's-smock *n.* (ליי'-דיז-סמאק) די וויעזענקרעסע אדער די וויעזען=שוימקרויט [אזא פלאנצע].

la'dy's-tress'es *n.* (ליי'-דיז-טרעס'-עז) דער זומער=דרעהלינג [אזא ארכידעען=פלאנצע מיט ווייסע בלימעלעך].

lag *a., v. and n.* (לעג) לעצט, צוריקגעבליבען; צוריקבלייבען; צענערען; ארעסטירען, בעשטראפען; א פערצענערונג אדער פערהאלטונג פון דער בעוועגונג פון א געוויסען מאשינען=טייל: די צאהל מאל וואס אזא בעוועגונג ווערט פערהאלטען אדער פערצענערט; א שמאל האלץ=ברעטעל וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען, ווי אלס א טייל פון א ראהם, דעק א. ד. ג.

la'gan *n.* (ליי'-גען) א זאך וואס איז געזונקען אין ים, אבער צוגעבונדען צו וועלכען עס איז שווימענדען נעגענשטאנד אום זי צו קענען געפינען.

lag'-bel'lied *a.* (לעג'-בעל'-איד) מיט אן אראבהענגענדען בויך.

la'ger *n.* (לא'-גער) לאגער=ביער [ביער וואס ענטהאלט וועניג האפען. מען לאזט עס לאנגזאם איהרען ביי א נידריגער טעמפעראטור].

la'ger-beer *n.* (לא'-גער-ביער) ז. *lager*.

lag'gard *a. and n.* (לעג'-ארד) 1. לאנגזאם; צוריקבלייבענד, בלייבענד הינטערשטעליג; 2. א פוילער, א לאנגזאמער; א לעדיג=געהער: איינער וואס פערשפעטיגט אדער פערזאמט.

2. The schools contain many **laggards** who fail to be promoted.

lag'ger *n.* (לעג'-ער) א פוילער, א לעדיג=געהער; א לאנגזאמער; איינער וואס פערזאמט אדער פערשפעטיגט.

lag'ging *n.* (לעג'-אינג) א לאנגזאמע בעוועגונג; א פערצענערונג אדער פערהאלטונג פון א בעוועגונג; א שמאל האלץ=ברעטעל וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען, ווי אלס א טייל פון א ראהם, דעק א. ד. ג.

lag'gingly *adv.* (לעג'-אינג-לי) פערצענערענדיג, פערזאמענדיג, פערשפעטיגענדיג; צוריקבלייבענדיג.

lagnappe' *n.* (לענ-יעפ') א קליינער ארטיקעל אדער געגענשטאנד וואס מען דערלענגט אומזיסט אין א געשעפט, ווען מען קויפט דארטען עטוואס; א פרעזענט וואס ווערט געגעבען פון א געשעפט צו א קונד.

lagoon' *n.* (לע-גוהן') א לאגונע, א ניט טיעפע אזערע, א פרוד; א פלאך, שטילשטעהענד וואסער; א פלאכע, בלאטיגע געגענד.

lagophthal'mia *n.* (לעג-אפ-טהעל'-מי-א) א קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין ניט קענען צומאכען דאס אויג.

lagophthal'mic *a.* (לעג-אפ-טהעל'-מיק) וואס איז שייך צו דער קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין ניט קענען צומאכען דאס אויג.

lagop'odus *a.* (לע-גאפ'-א-דאס) וואס די פיס זיינען געדיכט בעוואקסען מיט לאנגע האר אדער פעדערען.

lagune' *n.* (לע-גוהן') ז. *lagoon*.

la'ic *a. and n.* (ליי'-איק) וועלטליך, ניט גייסטליך; ניט פראפעסיאנעל; א וועלטליכער [ניט קיין גייסטליכער]; ניט קיין ספעציאליסט; א ניט פראפעסיאנעלער. ז. *laity*.

la'ical *a.* (ליי'-אי-קעל) וועלטליך, ניט גייסטליך; ניט פראפעסיאנעל. ז. *laity*.

laid *a.* (לייד) געלעגט, אוועקגעלעגט, אומגעווארפען; געדריקט; ארונטערגעדריקט. ז. *lay*.

laid-by' *a.* (לייד-באי') וואס ליעגט צו בעט; אין קינפעט.

laid pa'per (לייד פיי'-פער) געשטרייפט פאפיער [מיט וואסער=שטרייפען].

lain (ליין) געלעגען, ליעגענד. ז. *lie*.

The hat has **lain** on the floor for some time.

lair *n.* (לעהר) א לאגער, א רוה=ארט [פון חיות].

laird *n.* (לעהרד) א לארד, א גוטס=בעזיצער [אין שאטלאנד].

La'ism *n.* (ליי'-איזם) ז. *Lamaism*.

lais'ser-faire' *n.* (לעס'-איי-פעהר') דאס צו=רוה לאזען, דאס לאזען געהן ווי עס געהט; דאס ניט אריינמישען זיך פון שטאאט אין דעם פערזענליכען לעבען און אין די עקאנאמישע בעציהונגען פון די בירגער; די טעאריע, אז וואס ווייניגער א שטאאט מישט זיך אין דעם פריוואטען לעבען פון די בירגער, אלץ בעסער איז עס.

lais'sez-faire' *n.* (לעס'-איי-פעהר') ז. *laisser-faire*.

la'ity *n.* (ליי'-אי-טי) 1 וועלטליכע מענשען, ניט קיין גייסטליכע; 2. ניט קיין פראפעסיאנעלע [אזעלכע וואס אינטערעסירען זיך מיט אן אינטעליגענטער פראפעסיאן, זיינען אבער ניט קיין ספעציאליסטען].

1. The **laity** is ready to follow the bishop in his plans. 2. An intelligent **laity** is helpful to the specialist in any profession.

lake *n.* (לייק) א לאנד=זעע [אזערא]; לאק, רויטע לאקפארב.

lake'-ba'sin *n.* (לייק'-בייסן) דער באסיין פון אן אזערא, דער שטח וואס אן אזערא פערנעהמט, די געגענד, דורך וועלכער עס שטראמען די וואסערען וואס פאלען אריין אין אן אזערא.

lake'-bass *n.* (לייק'-בעס) א בארש אדער אקון [אזא פיש].

lake'-dis'trict *n.* (לייק'-דיס'-טריקט) דער זעע=בעצירק אין ענגלאנד [קומבערלאנד, וועסטמארלאנד און לאנקאשיר].

lake'-dwell'er *n.* (לייק'-דהוועל'-ער) אן אזערא=איינוואהנער [איבערהויפט פון די אוראלטע צייטען. די וואהנונגען פלעגען געבויט ווערען אין מיטען אזערא אויף סלופעס].

lake'-dwell'ing *n.* (לייק'-דהוועל'-אינג) א וואהנונג אויף אן אזערא [לאנד=זעע]. ז. *lake-dweller*.

lake'-fe'ver *n.* (לייק'-פיע'-ווער) מאלאריא [זומפ=פיבער].

lake'-fly *n.* (לייק'-פלאי) אן אינזעקט וואס געפינט זיך אין מאסען אין מאנאט יולי אין די געגענדען פון די גרויסע אזעראס אין נארד=אמעריקא [די אזעראס: סופיריאר, מישיגאן, הוראן, אירי און אנטאריא].

lake'let *n.* (לייק'-לעט) א קליינער זעע, א קליינע אזערא.

lake'-po'ets *n.* (לייק'-פאו'-עטס) די זעע=דיכטער. ז. *Lake School*.

La'ker *n.* (ליי'-קער) א זעע=דיכטער. ז. *Lake School*.

Lake School (לייק סקוהל) די זעע=פאעטען [א גרופע ענגלישע דיכטער, צו וועלכע עס בעלאנגען ווארדסווארטה, קאלרידזש און סאוטהיי. דער נאמען שטאמט דערפון וואס זיי האבען געוואהנט אין דעם זעע=דיסטריקט אדער געהאט א שייכות מיט דעם זעע=דיסטריקט אין ענגלאנד, דאס הייסט, קומבערלאנד, וועסטמארלאנד און לאנקאשיר].

lake'-vil'lage *n.* (לייק'-וויל'-עדזש) א דארף וואס איז געבויט אויף אן אזערא [לאנד=זעע]. ז. *lake-dweller*.

La'kist *n.* (ליי'-קיסט) א זעע=דיכטער. ז. *Lake School*.

la'ky *a.* (ליי'-קי) עהנליך צו א לאנד=זעע [אזערא]; וואס איז שייך צו אן אזערא.

lalla'tion *n.* (לע-ליי'-שאן) דאס אויסרעדען די "ר" ווי א "ל".

la'lo *n.* (ליי'-לאו) א באאבאב, אן אפענברויטבוים. ז. *baobab*.

lalop'athy *n.* (לע-לאפ'-ע-טהי) שטערונג אין דער שפראך=פונקציאן [ווי א כבד פה א. ד. ג.].

la'ma *n.* (לא'-מא) א לאמא [א גייסטליכער ביי די בודיסטען אין טיבעט, ווי אויך ביי די מאנגאלען און קאלמיקען]; א קעמעל=ציעג [אזא חיה עהנליך צו א קעמעל מיט ווייכע לאנגע האר]; א זיידען=שטאף דורכגעוועבט מיט גאלד=פעדים.

la'maic *a.* (לא'-מא-איק) וואס איז שייך צו א לאמא [א בודיסטישער גייסטליכער אין טיבעט].

La'maism *n.* (לא'-מא-איזם) דער לאמאאיזם, א געוויסע פארם פון דער בו=

דיסטישער רעליגיאָן, וועלכע איז האַלב פּאָליטיש, האַלב רעליגיעז, אין טיבעט און מאָנגאָליען.

La'maist *n.* (לאַ'-מאַ-איסט) אַ לאַמאַאיסט, אַן אַנהענגער פון לאַמאַאיזם. ז. *Lamaism*

Lamais'tic *a.* (לאַ-מאַ-איס'-טיק) לאַמאַאיסטיש, וואָס איז שייך צום לאַמאַאיזם.

La'maite *n.* (לאַ'-מאַ-איט) ז. *Lamaist*

laman'tin *n.* (לע-מענ'-טין) די ים-קוה [אַזאַ זוינענדע ים-חיה]. ז. *manatee*

Lamarck'ian *a.* (לע-מאַרק'-אי-ען) וואָס איז שייך צו דעם פראַנצויזישען נאַטור-פאָרשער לאַמאַרק [געבאָרען אין יאָהר 1744, געשטאָרבען 1892. לאַמאַרק איז געווען דער ערשטער בעגרינדער פון דער עוואָלוציאָנס-טעאָריע, וועלכע איז שפּעטער אויסגעבויט און ענטוויקעלט געוואָרען פון דאַרווין].

Lamarck'ianism *n.* (לע-מאַרק'-אי-ענ-איזם) ז. *Lamarckism*

Lamarck'ism *n.* (לע-מאַרק'-איזם) די עוואָלוציאָנס-טעאָריע פון דעם פראַנצויזישען נאַטור-פאָרשער לאַמאַרק, וועלכע בעהויפּטעט, אַז די פערשיעדענע העכערע מינים פון חיות און פלאַנצען שטאַמען אַב פון נידריגע און פּרימיטיווע מינים.

lamb *n. and v.* (לעם) אַ לאַם; אַ יונג שעפּעלע; אַ נעבעכעל; אַן אונפּראַקטישער ספּעקולאַנט אָדער שפּיעלער וואָס פערלירט געלד; זיך שעפּסלען [האָבען שעפּסלעך].

lamb'-ale *n.* (לעמ'-אייל) אַ דאָרפישער יום-טוב אין דער צייט ווען מען שערט די שאָף.

lambaste' *v.* (לעמ-בייסט') גוט אָנבערעכען די ביינער, אַריינקאַטעווען מיט אַ שטריק.

lam'bency *n.* (לעמ'-בענ-סי) שימערירונג; דאָס פליסען אָדער לייכט פאַריבערלויפען. ז. *lambent*

lam'bent *a.* (לעמ'-בענט) פליסענד אָדער לויפענד לייכט אויף אַן אויבערפלעכע ווי מען וואָלט זי לעקען [ווי אַ פלאַם פייער, וואָס פערשפּרייט זיך]; פליהענד; שימערענד, לייכט אָדער זאַנפט שטראַהלענד.

lamb'kin *n.* (לעמ'-קין) אַ לעמעלע; אַ קינד וואָס ווערט געצערטעלט, אַ ליעבלינג.

lamb'like *a.* (לעמ'-לאַיק) ווי אַ לאַם; געלאַסען, זאַנפט.

lamb'ling *n.* (לעמ'-לינג) אַ לעמעלע; אַ נאַר, אַ שוטה.

Lamb of God (לעם אָוו גאָד) גאָט'ס לעמעלע [אַלס נאָמען פאַר יעזוס קריסטוס].

lam'boys *n.* (לעמ'-באָיז) אַזאַ פאַנצער-קליידעל וואָס פאַרצייטיגע קריעגער פלעגען טראָגען.

lamb'skin *n. and v.* (לעמ'-סקין) לאַם-פעל, לאַם-לעדער, שעפּסען-פעל; אַ פעל פון אַ לאַם; "שינדען די פעל" [שלאָגען].

lamb's'-let'tuce *n.* (לעמז'-לעט'-אים) דער פעלד-סאַלאַט [אַזאַ פלאַנצע].

lamb's'-quar'ters *n.* (לעמז'-קהוואָהר'-טערז) דער ווייסער גענזען-פוס [אַזאַ גראָז מיט ווייסליכע בליטהען].

lamb's'-tongue *n.* (לעמז'-טאַנג) דער ווייסער ווענעריך [אַזאַ גראָז-פלאַנצע מיט בּרייטע פלאַכע בלעטער, וועלכע וואַקסען אַרויס גלייך פון וואָרצעל]; אַ טישלער-הובעל מיט אַ שמאָלען צונג-פערמיגען הובעל-קלינג.

lamb's'-wool *n.* (לעמז'-הוואָול) לעכער-וואָל; זיס ביער מיט געבאַקטע עפּעל.

lame *a. and v.* (לייִם) הינקעדיג; פערקריפּעלט; געלעהמט; ניט פאָלקאָמען; מיט אַ מום; מאַכען פאַר אַ קאַליקע, מאַכען הינקעדיג; פערקריפּלען.

lame duck (לייִם דאַק) 1. אַן אַנזעצער; אַן אונראַיעלער בערזען-ספּעקולאַנט; 2. אַן אויסגעשפּיעלטער מענש.

2. The senator is a **lame duck**. He failed to be reelected.

lame excuse' (לייִם עקס-קיוז') אַ פוילער תירוץ.

lam'el *n.* (לעמ'-על) ז. *lamella*

lamel'la *n.* (לע-מעל'-אַ) אַ לאַמעלאַ, אַ דינע פלאַטע, אַ בלעטעל, אַ בלעכעל.

lamel'læ *n.* (לע-מעל'-אי) לאַמעלען, דינע פלאַטען, בלעטלעך, בלעכלעך.

lam'ellar *a.* (לעמ'-ע-לאַר) לאַמעלירט, צונויפגעשטעלט פון לאַמעלען [דינע פלאַטען אָדער בלעטלעך], בלעטערדיג; איבערגעלעגט ווי אַ בלאַט אויף אַ בלאַט.

lam'ellarly *adv.* (לעמ'-ע-לאַר-לי) אין אַ לאַמעלירטער פאָרם [דינע פלאַטען אָדער בלעטלעך איינע אויף די אַנדערע].

lam'ellate *a.* (לעמ'-ע-לייט) ז. *lamellar*

lam'ellated *a.* (לעמ'-ע-ליי-טעד) ז. *lamellar*

lamel'libranch *a.* (לע-מעל'-אי-ברענק) ז. *lamellibranchiate*

Lamellibranchia'ta *n.* (לע-מעל-אי-ברענ-קי-איי'-טאַ) אַ מין מאָלוסקעלען אָהן קעפּ, וועלכע האָבען זייערע אָטהעמונגס-אָרגאַנען אין די זייטען פון קערפּער אין דער פאָרם פון אַ בלעטעל אָדער דעקעל, וואָס עפענט זיך און פערמאַכט זיך.

lamellibran'chiate *a.* (לע-מעל-אי-ברענ'-קי-אייט) וואָס האָט דעקעל אָדער בלעטעל-פערמיגע אָטהעמונגס-אָרגאַנען [ווענען געוויסע מאָלוסקעלען]. ז. *Lamellibranchiata*

lamellif'erous *a.* (לעמ-ע-ליפ'-ע-ראַס) ז. *lamellar*

lamel'liform *a.* (לע-מעל'-אי-פאָרם) לאַמעלען-פערמיג, בלעטער-פערמיג, וואָס האָט די פאָרם פון דינע פלאַטען.

lam'ellose *a.* (לעמ'-ע-לאָוס) לאַמעלירט, בלעטערדיג, געבלעטערט.

lame'ly *adv.* (לייִמ'-לי) אַזוי ווי אַ געלעהמטער; אַזוי ווי אַ הינקעדיגער אָדער ווי אַ קריפּעל; מיט אַ מום; ניט פאָלקאָמען; שוואַך.

lame'ness *n.* (לייִמ'-נעס) געלעהמונג, געלעהמטקייט; דאָס הינקען, דאָס זיין פערקריפּעלט; הינקעדיגקייט; דאָס זיין מיט אַ מום; אונפאָלקאָמענהייט; שוואַכקייט.

lament' *n. and v.* (לע-מענט') 1. אַ קלאַג, אַ יאָמער; אַ קלאַג-ליעד; בעיאָמערען, בעקלאָגען; 2. יאָמערען, קלאָגען; טרויערען.

1. The poet composed a **lament** on the death of his friend. 2. We **lament** the death of our friends.

lam'entable *a.* (לעמ'-ענ-טעבל) קלעגליך, יאָמערליך; יאָמערפול; מיזעראַבעל.

lam'entableness *n.* (לעמ'-ענ-טעבל-נעס) קלעגליכקייט, יאָמערליכקייט; אַ קלעגליכער צושטאַנד.

lam'entably *adv.* (לעמ'-ענ-טע-בלי) אויף אַ קלעגליכען אָדער יאָמערליכען אופן; צו בעקלאָגען; יאָמערפול.

lamenta'tion *n.* (לע-מענ-טיי'-שאָן) דאָס בעקלאָגען, דאָס בעיאָמערען; אַ קלאַג, אַ יאָמער.

lamen'ter *n.* (לע-מענ'-טער) אַ יאָמערער, אַ בעקלאָגער.

lamen'tingly *adv.* (לע-מענ'-טינג-לי) מיט קלאַג, מיט יאָמער; בעקלאָגענדיג, בעיאָמערענדיג.

lame rimes (לייִם ראַימז) הינקעדיגע גראַמען.

lamet'ta *n.* (לע-מעט'-אַ) אַ דין בלעטעל אָדער דראָט פון גאָלד, זילבער אָדער קופּער.

la'mia *n.* (ליי'-מי-אַ) אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע — די לאַמאַ [אַ מכשפה וואָס בעכשופ'ט קינדער און זויגט אויס זייער בלוט]; אַ העקסע, אַ מכשפה.

lam'ina *n.* (לעמ'-אי-נאַ) אַ דינע פלאַטע; אַ בלעכעל; אַ בלעטעל.

laminabil'ity *n.* (לעמ-אי-נע-ביל'-אי-טי) דאָס האָבען די איינענשאַפט אויסגעהאַמערט אָדער אויסגעוואַלגערט צו ווערען אין אַ דינער פלאַטע אָדער בלאַט.

lam'inable *a.* (לעמ'-אי-נעבל) וואָס קען אויסגעהאַמערט אָדער אויסגעוואַלגערט ווערען אין אַ דינער פלאַטע אָדער בלאַט.

lam'inæ *n.* (לעמ'-אי-ניע) דינע פלאַטען, בלעכלעך, בלעטלעך, שיכטען.

lam'inal *a.* (לעמ'-אי-נעל) ז. *laminar*

lam'inar *a.* (לעמ'-אי-נאַר) וואָס בעשטעהט פון דינע פלאַטען אָדער בלעטער; בלעטערדיג.

lam'inary *a.* (לעמ'-אי-נע-רי) ז. *laminar*

lam'inate *v. and a.* (לעמ'-אי-נייט) צוטיילען אין פלאַטען אָדער בלעטער; פאָרמירען אין פלאַטען אָדער בלעטער; זיך טיילען אין פלאַטען אָדער בלעטער; וואָס האָט די פאָרם פון אַ פלאַטע אָדער בלאַט; וואָס בעשטעהט פון פלאַטען אָדער בלעטער; בלעטערדיג.

lam'inated *a.* (לעמ'-אי-ניי-טעד) וואָס האָט די פאָרם פון אַ פלאַטע אָדער בלאַט; וואָס בעשטעהט פון פלאַטען אָדער בלעטער; בלעטערדיג.

lam'inating-machine' *n.* (לעמ'-אי-ניי-טינג-מע-שין') אַ וואַלץ-מאַשין [אַ מאַשין צו מאַכען מעטאַל-פלאַטען].

lam'inating-roll'er *n.* (לעמ'-אי-ניי-טינג-ראָול'-ער) איינער פון די וואַלצען אין אַ וואַלץ-מאַשין.

lamina'tion *n.* (לעמ-אי-ניי'-שאָן) דאָס זיין נעבלעטערט; דאָס אויסוואַלגערען אין פלאַטען אָדער אין בלעטער; דאָס זיין נעטיילט אין דינע שיכטען ווי בלעטער [ווענען פעלזען].

lam'iniform *a.* (לעמ'-אי-ני-פאָרם) פלאַטען-פערמיג, בלאַט-פערמיג.

lam'inose *a.* (לעמ'-אי-נאָוס) ז. *laminiform*

la'mish *a.* (ליי'-מיש) אַ ביסעל געלעהמט, עטוואָס הינקעדיג.

la'miter *n.* (ליי'-מי-טער) אַ קאַליקע, אַ בעל-מום.

Lam'mas *n.* (לעמ'-עס) פּעטרוס'עס קייטען-פייערטאָג [אַ קריסטליכער יום-טוב דעם 1טען אויגוסט צום אָנדענקען פון דעם נס, דורך וועלכען דער הייליגער פּעטרוס איז בעפרייט געוואָרען פון געפענגנים]; דער טאָג פון ווייץ-שניט וואָס פלעגט אַמאָל געפייערט ווערען אין ענג-

לאנד לויט דעם אלטען קאלענדאר דעם 1טען אויגוסט [דער 13טער אויגוסט].

Lam'mas-day *n.* (לעמ'-עס-דיי) דער האלב קווארטאל=טאג אין ענגלאנד אדער דער קווארטאל=טאג אין שאטלאנד [דער 1טער אויגוסט אלס דער אנהויב פון א פיערטעל אדער האלב=פיערטעל יאהר].

lam'mas-land *n.* (לעמ'-עס-לענד) אין ענגלאנד — לאנד וואס ווערט געהאלטען און בעארבייט פון פריוואט=פערזאנען, נאר נאך שניט=צייט ווערט עס בענוצט פאר קהל'שע פיטערנים.

lam'mergeier *n.* (לעמ'-ער-גאי-ער) דער לעמער=גייער [א גרויסער רויב=פייגעל, וואס געפינט זיך אין די בערג פון זיד=אייראפא, אזיען און נארד=אפריקא].

lamp *n.* (לעמפּ) א לאמפּ, א לאנטערנע; עטוואס וואס לייכט.

lam'padary *n.* (לעמ'-פע-דע-רי) אן אנגעשטעלטער אין דער גריכיש=קאטוילישער קירך, וועלכער האט די אויפזיכט אויף די קירכען=לאמפּען.

lampaded'romy *n.* (לעמ-פע-דעד'-רא-מי) א וועט=לויף מיט פאקעלען אין אלטען גריכענלאנד.

lam'pas *n.* (לעמ'-פעס) אזא קאלירטער וואלען אדער זיידען=שטאף וואס ווערט בענוצט צו בעשלאגען מעבעל און פאר אנדערע דעקאראציאנס=צוועקען.

lam'pass *n.* (לעמ'-פעס) ז. *lampers*

lamp'black *n. and v.* (לעמפּ'-בלעק) רוס, סאזשע; בעדעקען מיט סאזשע.

lamp'-bur'ner *n.* (לעמפּ'-בויר'-נער) דער ברענער פון א לאמפּ.

lamp'-chim'ney *n.* (לעמפּ'-טשימ'-ני) א לאמפּ=צילינדער, א לאמפּ=גלאז.

lamp'-cone *n.* (לעמפּ'-קאון) א קאלפּאק איבער א קעראסין=לאמפּ.

lam'per *n.* (לעמ'-פער) א לאמפּען=פוצער.

lam'per-eel *n.* (לעמ'-פער-איעל) די לאמפרעטע אדער ניין=אויגען=פיש [אזא שלאנגען=עהנליכער פיש, ווי דער אאל=פיש]. ז. *lamprey*

lam'pers *n.* (לעמ'-פערז) א געשווילעכץ אויף דעם גומען פון א פערד.

lamp'-fur'nace *n.* (לעמפּ'-פויר'-נייס) אן אויוועז וועלכער ווערט געהייצט דורך א לאמפּ.

lamp'-glass *n.* (לעמפּ'-גלעס) ז. *lamp-chimney*

lamp'-globe *n.* (לעמפּ'-גלאוב) א קאלפּאק פון א לאמפּ.

lamp'-hour *n.* (לעמפּ'-אור) די לאמפּען=שטונדע [די עלעקטרישע ענערגיע וואס איז נויטיג צו לאזען לייכטען אן עלעקטריש לעמפּעל א שטונדע צייט. ווערט אפט געברויכט אלס פּראקטישע עלעקטרישע איינהייט ביי בעלייכטונג].

lam'pion *n.* (לעמ'-פּי-אן) א קליין לעמפּעל וואס ווערט בענוצט פאר אילומינאציאנס=צוועקען.

lam'pist *n.* (לעמ'-פּיסט) א לאמפּען=מאכער.

lam'pistry *n.* (לעמ'-פּיס-טרי) לאמפּען=פאבריקאציאן.

lamp'light *n.* (לעמפּ'-לאיט) די ליכט פון א לאמפּ, א לאמפּ=בעלייכטונג.

lamp'lighter *n.* (לעמפּ'-לאי-טער) א לאמפּען=אנצינדער, איינער וואס צינדט אן די גאסען=לאנטערנעס; א פאקעל מיט וועלכען מען צינדט אן די גאסען=לאנטערנעס.

lamp'-ma'ker *n.* (לעמפּ'-מיי'-קער) א לאמפּען=מאכער.

lampoon' *n. and v.* (לעמ-פוהן') א פאסקוויל; א שפּאט=שריפט, א סאטירע אויף אימעצען; שרייבען פאסקווילען אדער סאטירען אויף אימעצען.

lampoo'ner *n.* (לעמ-פוה'-נער) א פאסקווילען=שרייבער; א שרייבער פון סאטירען.

lampoon'ry *n.* (לעמ-פוהנ'-רי) פאסקווילען=שרייבעריי, סאטירען=שרייבעריי.

lamp'-post *n.* (לעמפּ'-פּאוסט) א לאנטערנע=סלופּ.

lamp'-pru'ner *n.* (לעמפּ'-פרוה'-נער) א געצייג אבצורייניגען דעם קנויט פון א לאמפּ.

lam'prey *n.* (לעמ'-פּרי) די לאמפּרעטע [אזא לאנגער רונדער פיש עהנליך צו אן אאל].



Lamprey

lam'protype *n.* (לעמ'-פּרא-טאיפּ) א פאטאגראפיע וואס איז בעצויגען מיט קאלאדיום און זשעלאטין.

lamp'-shade *n.* (לעמפּ'-שייד) א לאמפּ=שירם, א לאמפּ=קאלפּאק.

lamp'-stand *n.* (לעמפּ'-סטענד) א לאמפּ=געשטעל, א פוס פון א לאמפּ.

lamp'-stove *n.* (לעמפּ'-סטאווו) א לאמפּ=אויוועלע [אן אויוועלע וואס ווערט געווארעמט דורך א ברענענדען קנויט ווי פון א לאמפּ].

lamp'-wick *n.* (לעמפּ'-הוויק) א לאמפּען=קנויט.

la'nary *n.* (ליי'-נע-רי) א וואל=לאגער, א פּלאץ, וואו מען האלט וואל.

la'nate *a.* (ליי'-נייט) וואליג, בעדעקט ווי מיט וואל.

la'nated *a.* (ליי'-ניי-טעד) ז. *lanate*

lance *n. and v.* (לענס) 1. א לאנצע, א פיקע, א לאנגע שפּיז; 2. ארייינשטעכען, שטעכען, דורכשטעכען; דורכשניידען מיט א לאנצעט [אן אפּעראציאנס=מעסערעל].

2. The doctor was obliged to lance the abscess.

lance'-buck'et *n.* (לענס'-באק'-עט) דער לאנצען=שוך [א פאררילכטונג אונטערצוהאלטען א לאנצע אדער פּיקע].

lance'-cor'poral *n.* (לענס'-קאר'-פּא-רעל) א צייטווייליגער קארפּאראל אין מיליטער [איינער וואס קריעגט בלויז אויף א צייט דעם ראנג פון א קארפּאראל און פערטרעט צייטווייליג דאס אמט פון א קארפּאראל].

lance'-head *n.* (לענס'-העד) דער שפּיץ פון א לאנצע אדער פיקע.

lance in rest (לענס אין רעסט) די וואפען אין רוה.

lan'ceolar *a.* (לענ'-סי-או-לאר) שפּיזען=פערמיג, פערשפּיצט [וועגען בלעטער].

lan'ceolate *a.* (לענ'-סי-א-לייט) לאנצען=פערמיג, שפּיזען=פערמיג [הויפּטזעכליך וועגען פלאנצען].

lan'ceolated *a.* (לענ'-סי-א-ליי-טעד) ז. *lanceolate*

lan'ceolated win'dow (לענ'-סי-א-ליי-טעד הווינ'-דאו) ז. *lancet-window*

lan'cer *n.* (לענ'-סער) אן אולאן, א רייטענדער סאלדאט בעוואפענט מיט א לאנצע אדער פיקע.

lan'cers *n.* (לענ'-סערז) א לאנסיי, [אזא טאנץ]; מוזיק פאר א לאנסיי.

lance'-shaped *a.* (לענס'-שייפּט) ז. *lanceolate*

lancé'-stitch *n.* (לענ-סיי'-סטיטש) לאנסיי=שטעך [אין האפטען אדער אויסנעהען].

lan'cet *n.* (לענ'-סעט) א לאנצעט [אן אפּעראציאנס=מעסערעל]; א שפּיצבויגען, א פערשפּיצטער געוועלב; א שמאל, לאנג, רונד=געוועלבט פענסטער.

lan'cet-arch *n.* (לענ'-סעט-ארטש) א שפּיצבויגען, א געוועלב וואס איז פערשמעלט פון אויבען.

Lancet-arch

lan'cet-win'dow *n.* (לענ'-סעט-הווינ'-דאו) א שמאל, לאנג, רונד=געוועלבט פענסטער, עטוואס פערשפּיצט פון אויבען.

lanch *v. and n.* (לאנטש) ז. *launch*

lan'ciers *n.* (לענ'-סיערז) ז. *lancers*

lan'ciform *a.* (לענ'-סי-פארם) ז. *lanceolate*

lan'cinate *v.* (לענ'-סי-נייט) צורייסען; פערארורזאכען א שארפען צופּענדען וועהטאג.

lan'cinating pain (לענ'-סי-ניי-טינג פּיין) א שארפער, רייסענדער וועהטאג.

lancina'tion *n.* (לענ-סי-ניי'-שאן) צורייסונג; א שארפער, רייסענדער וועהטאג.

land *n. and v.* (לענד) לאנד, גרונד=איינגענטום; באדען; א לאנד; יבשה; לאנדען; צוקומען צו לאנד; אנקומען, זיך אבשטעלען.

land'-a'gent *n.* (לענד'-איי'-דזשענט) אן אגענט פון גיטער; א פערוואלטער פון א מאיאנטעק.

lan'dau *n.* (לענ'-דאה) א לאנדא [א מין קארעטע].



Landau

landaulet' *n.* (לענ-דאה-לעט') א קליינע לאנדא [אזא קארעטע] מיט איין זיץ.

land'-bank *n.* (לענד'-בענק) אן אגראר=באנק [א באנק וואס מאכט הלואות אויף לאנד=איינגענטום].

land'-blink *n.* (לענד'-בלינק) אן אבגלאנץ פון שנעע אין דער לופט [אין די פאלאר=געגענדען].

land'-bred *a.* (לענד'-ברעד) היעגע, היימיש, אינלענדיש; ערצויגען אין א דארף.

land'-breeze *n.* (לענד'-בריעז) א לאנד=ווינד [א ווינד וואס בלאזט פון ברעג צום ים=צו].

land'-cape *n.* (לענד'-קייפּ) א קאפּ, א שטיק לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפּיץ אין ים.

land'-car'riage *n.* (לענד'-קער'-עדזש) דער לאנד=טראנספּארט; דאס טראנס=

פארטירען אדער פיהרען מיט דער יבשה; לאנד-טראנספארט געלד [פוהר-געלד].

land'-chain *n.* (לענד'-טשיין) א מעסט-קייט [צום מעסטען לאנד].

land'-crab *n.* (לענד'-קרעב) א לאנד-קרעבס, א לאנד-ראק [וואס לעבט טייל-ווייז אויף דער יבשה].

Land-crab

land'-drai'nage *n.* (לענד'-דריי'-נעדזש) דאס טרוקען מאכען לאנד; דאס אויסטריקענען זומפען.

lande *n.* (לענד) א פלאכע זאמדיגע גע-גענד וואס איז אונמעגליך צו בעארביי-טען [הויפטזעכליך די שטרעקע לאנד ביים ים-ברעג אין דעם זיד-וועסטליכען טייל פון פראנקרייך].

lan'ded *a.* (לענ'-דעד) וואס בעשטעהט פון לאנד, וואס בעשטעהט פון גרונד-איי-גענטום; וואס בעזיצט גרונד-אייגענטום.

lan'ded estates' (לענ'-דעד עס-טייטס') גרונד-אייגענטום.

lan'ded gen'try (לענ'-דעד דזשענ'-טרי) די גרונד-בעזיצער; דער קלאס קלענערע גרונד-בעזיצער.

lan'ded in'terests (לענ'-דעד אינ'-טער-עסטס) די אינטערעסען פון די ערד-בעזיצער; דער איינפלוס פון די ערד-בעזיצער; דער אינטערעס אין גרונד-אייגענטום.

lan'der *n.* (לענ'-דער) איינער וואס לאנדעט; אין שאכטען — איינער וואס שטעהט ביי דער עפנונג און נעהמט אי-בער די לאדונג וואס ווערט ארויפגע-בראכט.

land'fall *n.* (לענד'-פאהל) אן ערד-שטורץ [דאס אבברייסען זיך און פאלען פון א מאסע ערד אדער שטיינער פון א בארג]; ירושה פון גיטער; דאס דערבליקען צום ערשטען לאנד אדער דאס דערנעהנטערען זיך צו לאנד [פון א שיף]; דאס לאנד צו וועלכען א שיף דערנעהנטערט זיך.

land'-flood *n.* (לענד'-פלאד) אן אי-בערשוועמונג, א פערפלייצונג.

land'-grab'ber *n.* (לענד'-גרעב'-ער) א לאנד-פערכאפער [איינער וואס פער-נעהמט פערמעד אדער קהל'ש לאנד אויף אן אונעהרליכען אופן]; אין אירלאנד — איינער וואס קויפט אדער דינגט לאנד וואס מען האט אוועקגענומען ביי א צווייטען.

land'-grab'bing *n.* (לענד'-גרעב'-אינג) דאס פערכאפען לאנד אויף אן אונ-עהרליכען אופן. ז. *land-grabber*

land'graff *n.* (לענד'-גרעף) א לאנד-גראף. ז. *landgrave*

land'grave *n.* (לענד'-גרייוו) א לאנד-גראף [א הויכער טיטול אין דייטש-לאנד].

landgra'viate *n.* (לענד-גריי'-ווי-אייט) לאנדגראפשאפט; דאס אמט, די מאכט אדער די טעריטאריע פון א לאנד-גראף. ז. *landgrave*

land'gravine *n.* (לענד'-גרע-ווין) א לאנדגרעפין. ז. *landgrave*

land'holder *n.* (לענד'-האול-דער) א לאנד-האלטער, א גוטס-בעזיצער.

land'-hun'ger *n.* (לענד'-האנ'-גער) לאנד-הונגער [זשעדנעקייט צו עראבע-רען לאנד].

land'-hun'gry *a.* (לענד'-האנ'-גרי) זשעדנע נאך לאנד-עראבערונגען.

land'-ice *n.* (לענד'-איס) א שטרעקע אייז אין דער לענג פון ברעג.

lan'ding *n.* (לענ'-דינג) 1. דאס לאנ-דען; לאנדונג; לאנדונגס-פלאץ; אויס-לאדונגס-פלאץ; 2. א פלאטפארמע [פון אן אייזענבאהן, צווישען רייהען שטיגען, ביים ארייננאנג אין א שאכט א. ז. וו.].

1. The landing of the Pilgrims is an event in American History.

lan'ding-net *n.* (לענ'-דינג-נעט) א קעשער אדער קעטשער [אזא נעץ צום ארויסנעהמען א געפאנגענעם פיש פון וואַ-סער].

lan'ding-place *n.* (לענ'-דינג-פליים) א לאנדונגס-פלאץ; א רוה-פלאץ, א פלאט-פארמע [ווי ביי שטיגען].

lan'ding-stage *n.* (לענ'-דינג-סטיידזש) א לאנדונגס-פלאטפארמע [ארבאבצושטיי-גען פון א שיף אדער אייזענבאהן אדער צום אויסלאדען].

lan'ding-surve'yor *n.* (לענ'-דינג-סויר-ווי'-אר) דער הויפט פון די צאָל-בעאמטע [אין ענגלאנד].

lan'ding-wai'ter *n.* (לענ'-דינג-הוויי'-טער) א צאָל-בעאמטער.

land'-job'ber *n.* (לענד'-דזשאב'-ער) א לאנד-מעקלער, א גיטער-מעקלער; א לאנד-ספעקולאנט; איינער וואס האנדעלט מיט לאנד.

land'-job'bing *n.* (לענד'-דזשאב'-אינג) דער האנדעל מיט גיטער; לאנד-ספעקולאציעס.

land'lady *n.* (לענד'-ליי-די) א גרונד-אייגענטימערין, א גוטס-בעזיצעריז, אן אייגענטימערין פון הייזער; א פרוי פון א לאנד-אייגענטימער אדער הויז-אייגענ-טימער; א בעל-הבית'טע פון א האטעל אדער פאנסיאן.

land'-laid *a.* (לענד'-לייד) וואס איז אזוי ווייט אין ים, אז מען קען שוין נים זעהן דעם ברעג [ווענען א שיף].

land'-law *n.* (לענד'-לאה) דאס געזעץ פון א לאנד; א געזעץ ווענען גרונד-איי-גענטום.

Land League (לענד ליגע) די איר-לענדישע לאנד-ליגע [א פעראייניגונג פון אירלענדישע פויערים, געגרינדעט אין 1879, מיט דעם צוועק צו קעמפפען פאר דער פערקלענערונג פון ארענדע-צאהלונ-גען אויף לאנד און אויסצוקעמפפען בע-דינגונגען, אונטער וועלכע דער פויער זאל קענען ווערען אן אייגענטימער פון דעם געדונגענעם לאנד. די ליגע האט אויף-געקעמפפט פאר "האום רול" אדער אוי-טאנאמיע פון אירלאנד. זי איז שטארק פערפאלגט געווארען און איז אפיציעל אבגעשאפט געווארען אין 1881].

Land'-Lea'guer *n.* (לענד'-ליג'-גער) א מיטגליעד פון דער אירלענדישער לאנד-ליגע. ז. *Land League*

land'-leech *n.* (לענד'-ליטש) א לאנד-פיאווקע [ביי א אינטש לאנג און זעהר דין, געפינט זיך הויפטזעכליך אויף'ן אינזעל צייל'אן און פערבריינגט געוויסע צייטען פון יאהר אויף דער יבשה].



Land-leeches

land'less *a.* (לענד'-לעס) וואס פערמאגט נים קיין גרונד-אייגענטום.

land'locked *a.* (לענד'-לאקט) ארומגע-רינגעלט מיט לאנד; בעשיצט פון לאנד [פון שטורמען, ווי למשל, א האפען]; וואס געפינט זיך אין א וואסער וואס איז ארומגערינגעלט מיט לאנד.

A landlocked harbor is a commercial asset for a city.

land'loper *n.* (לענד'-לאו-פער) אן ארומטרייבער, א וואנדערער, א בראדיא-גע, א וואגאבונד.

land'loping *a.* (לענד'-לאו-פינג) וואנ-דערענד; ארומטרייבענדיג זיך.

land'lord *n.* (לענד'-לארד) א גרונד-אייגענטימער, א גוטס-בעזיצער, אן איי-גענטימער פון הייזער, א בעל-הבית; א בעל-הבית פון א האטעל אדער פאנסיאן.

land'lordism *n.* (לענד'-לארד-איזם) די ווירטשאפט פון גרויסע גוטס-בעזיצער; די אינטערעסען פון דעם קלאס פון גרונד-בעזיצער.

land'lubber *n.* (לענד'-לאב-ער) אן אונערפאהרענער, אונגעשיקטער מאטראָז.

Modern steamships hardly have any sailors. The crews consist almost entirely of landlubbers.

land'lubberly *adv.* (לענד'-לאב-ער-לי) אויף אן אונגעשיקטען, אומגעלום-פערטען אופן [ווענען אן אונערפאהרע-נעם מאטראָז].

land'man *n.* (לענד'-מען) איינער וואס לעבט אדער דיענט אויף דער יבשה; אן ארענדאטאר.

land'mark *n.* (לענד'-מארק) 1. עטוואס וואס בעצייכענט א געוויסע געגענד אדער איז היסטאריש פערבונדען מיט א געווי-סער געגענד; 2. א גרענעץ-צייכען; עט-וואס וואס ציינט די ריכטונג אדער וואס מען קען נאך דעם דערקענען א געגענד; 3. עטוואס כאראקטעריסטישעס; עטוואס וואס בעצייכענט א נייעם ווענדע-פונקט; עטוואס וואס שיידט אב אדער מאכט אן אונטערשיעד.

1. This neighborhood is full of historical landmarks. 3. The Presidential Election of 1912 will be a landmark in American History.

land'-mar'ker *n.* (לענד'-מאר'-קער) אן ערד-ארבייט-מאשין אנצוצייכענען ריי-הען פאר'ן פלאנצען.

land'-meas'ure *n.* (לענד'-מעזש'-אור) א לאנד-מאס.

land'-meas'urer *n.* (לענד'-מעזש'-אור-ער) א פעלד-מעסטער, א לאנד-מעס-טער.

land'-meas'uring *n.* (לענד'-מעזש'-אור-אינג) פעלד-מעסטונג, לאנד-מעסטונג.

landoc'racy *n.* (לענ-דאק'-רע-סי) לאנד-אריסטאקראטיע, דער קלאס לאנד-אייגענטימער אלס הערשענדע מאכט [א הומאריסטישער אויסדרוק].

lan'docrat *n.* (לענד'-דאָ-קרעט) אַ לאַנד-אַריסטאָקראַט. ז. *landocracy*

land of dark'ness (לענד אָוו דאַרק'-נעס) דאָס שאָטען-לאַנד; דעם שטן'ס קעניגרייך; דער קבר.

land'-of'fice *n.* (לענד'-אָפּ'-איס) דאָס לאַנד-אַמט [אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ און אין די ענגלישע קאָלאָניעס — אַ רעגיערונגס-אַבטיילונג וואָס בעשעפֿטיגט זיך מיט דער פֿערוואַלטונג און אויסטיילונג פֿון רעגיערונגס-לאַנד].

land'-of'fice busi'ness (לענד'-אָפּ'-איס ביז'-נעס) אַ געשעפֿט, וואָס איז בעלאַנגערט פֿון קונים [ווי עס זיינען בעלאַנגערט די רעגיערונגס-קאַנטאָרען אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ, ווען מען טיילט פּאַנאַנדער רעגיערונגס-לאַנד]. ז. *land-office*

land of prom'ise (לענד אָוו פּראָמ'-איס) דאָס פֿערשפּראָכענע לאַנד [ארץ ישראל. ווערט אויך געברויכט פֿאַר אַמעריקאַ אין בעצוג צו די אימיגראַנטען].
America is the modern **land of promise.**

land on both feet (לענד אָן באָוטה פּיעט) זיך ארויסדרעהען פֿון אַ צרה.

land'owner *n.* (לענד'-אָו-נער) אַ לאַנד-אייגענטימער.

land'ownership *n.* (לענד'-אָו-נער-שיפּ) לאַנד-אייגענטום; דאָס זיין אַ לאַנד-אייגענטימער.

land'-ow'ning *a.* (לענד'-אָו'-נינג) וואָס בעזיצט לאַנד-אייגענטום; וואָס בעלאַנגט אָדער איז שייך צום קלאַס גרונד-אייגענטימער.

land'-pi'rate *n.* (לענד'-פּאַי'-רעט) אַ גאַסען-רויבער; איינער וואָס בעשווינדעלט אָדער רויבט מאַטראָזען ביי די האַפֿענס.

land'-poor *a.* (לענד'-פּוהר) אָרים אין דער צייט ווען מען בעזיצט פֿיעל לאַנד-אייגענטום, וואָס ברענגט נאָר ניט אַריין [הויפּטזעכליך צוליעב גרויסע שטייערען און אַנדערע קאָסטען].

land'-rail *n.* (לענד'-רייל) דער וואַכטעל-קעניג [אַזאַ פֿויגעל]. ז. *corn-crake*

land'reeve *n.* (לענד'-ריעוו) אַ געהילף פֿון אַ גוט-פֿערוואַלטער.

land'-rent *n.* (לענד'-רענט) אַרענדע, צינזען.

land'scape *n. and v.* (לענד'-סקייפּ) אַ לאַנדשאַפֿט; אַ פּייזאַזש; אַ לאַנדשאַפֿטס-בילד; פֿאַרשטעלען אין אַ לאַנדשאַפֿט.

land'scape-gar'dening *n.* (לענד'-סקייפּ-גאַר'דנ-אינג) לאַנדשאַפֿטס-גערטנעריי [דאָס פֿערפֿלאַנצען און איינאָרדנען אַ גאָרטען, אַז ער זאָל מאַכען דעם איינדרוק פֿון אַ לאַנדשאַפֿטס-בילד].

land'scape-mir'ror *n.* (לענד'-סקייפּ-מיר'-אָר) אַ פֿערקלענערונגס-גלאָז געברויכט ביים מאָהלען לאַנדשאַפֿטען [פּייזאַזשען].

land'scape-pain'ter *n.* (לענד'-סקייפּ-פּיינ'-טער) אַ לאַנדשאַפֿטס-מאָלער, אַ פּייזאַזשיסט.

land'scapist *n.* (לענד'-סקיי-פּיסט) ז. *landscape-painter*

land'-scrip *n.* (לענד'-סקריפּ) אַ דאָקומענט וואָס בערעכטיגט צום בעזיץ פֿון אַ געוויסען שטח פֿון רעגיערונגס-לאַנד [אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ].

land'-shark *n.* (לענד'-שאַרק) איינער וואָס בעשווינדעלט אָדער בערויבט מאַטראָזען אויף דער יבשה; איינער וואָס נעהמט צו לאַנד מיט גוואַלט אָדער שווינדעל.

land'-shar'ker *n.* (לענד'-שאַר'-קער) אַ לאַנד-וואָוכערניק.

land'-sick *a.* (לענד'-סיק) קראַנק פֿאַר בענקשאַפֿט נאָך דער יבשה; געשטערט פֿון דער נאָהנטקייט פֿון לאַנד [ווענען אַ שיף]; זיך שווער בעוועגענדיג [ווענען אַ שיף ביים ברעג אָדער וועלכע האָט נור וואָס זיך אָנגעהויבען ריהרען פֿון אָרט].

lands'knecht *n.* (לאַנטס'-קנעכט) אַ לאַנדס-קנעכט. ז. *lansquenet*

land'slide *n. and a.* (לענד'-סלאַיד) 1. ערד-פֿאַל, ערד-שטורץ [דאָס אַראָבפֿאַלען פֿון מאַסען ערד, שטיינער א. ז. וו. פֿון אַ בארג]; 2. אַן אומערוואַרטעטע, גרויסע, שטורמדיגע פּאַסירונג [צו גונסטען פֿון איםעצען]; עהנליך צו אַן ערד-שטורץ.
2. The election of 1912 proved a **landslide** victory for the Democratic Party.

land'slip *n. and a.* (לענד'-סליפּ) ז. *landslide*

lands'man *n.* (לענדז'-מען) אַ לאַנדס-מאַן; איינער וואָס לעבט אויף דער יבשה; איינער וואָס האָט ניט קיין ערפֿאַהרונג אויף'ן ים.

land'-spout *n.* (לענד'-ספּאַוט) אַ שטאַרקער רעגען בעת אַ שטורמווינד, וואָס הויבט אויף און דרעהט זיילען פֿון וואַסער.

land'-spring *n.* (לענד'-ספּרינג) אַ וואַסער-קוואַל וואָס איז נאָהענט צו דער אויבערפֿלעכע פֿון דער ערד; אַ ברונעם וואָס ווערט פֿול נור נאָך אַ רעגען.

land'-stew'ard *n.* (לענד'-סטיו'-אַרד) אַ גוט-פֿערוואַלטער.

land'sturm *n.* (לאַנט'-סטורם) אַן אַל-געמיינע מאָביליזאַציאָן פֿון די שטרייטקרעפֿטען אין דייטשלאַנד אָדער אין דער שווייץ אין דער צייט פֿון אַ קריעג.

Land'tag *n.* (לאַנט'-טאַך) אַ לאַנדטאַג [אַ פּאַרלאַמענט אין איינעם פֿון די דייטשע שטאַאַטען, אויך אין מאַראַוויאַ און בעהמען, עסטרייך].

land'-tax *n.* (לענד'-טעקס) גרונד-שטייער [אָבצאָהל אויף גרונד-אייגענטום].

land'-ten'ant *n.* (לענד'-טען'-ענט) אַן אַרענדאַטאָר, אַן אַרענדאַר.

land'-tie *n.* (לענד'-טאַי) אַ רייה פֿלעקער פֿון ברעג פֿון אַ טייך וואָס בעפֿעסטיגען די אָנגעשאָטענע ערד.

land'-tor'toise *n.* (לענד'-טאָר'-טיס) אַ לאַנד-טשערעפּאַכע, אַ טשערעפּאַכע וואָס האַלט זיך אויף דער יבשה.

land'-turn *n.* (לענד'-טוירן) אַ לאַנד-ווינד [וואָס בלאָזט פֿון ברעג צום ים].

land'-tur'tle *n.* (לענד'-טוירטל) ז. *land-tortoise*

land up (לענד אַפּ) בעדעקען מיט גוטער ערד.

land'-ur'chin *n.* (לענד'-אויר'-טשין) אַ איגעל [יאָזשיק]. ז. *hedgehog*

land'-wai'ter *n.* (לענד'-וויי'-טער) אַ צאָל-בעאַמטער.

land'ward *a. and adv.* (לענד'-הוואָרד) וואָס איז צום לאַנד-צו אָדער צו די אינערליכע טיילען פֿון לאַנד; וואָס איז ווייט פֿון ים-ברעג; צום לאַנד-צו; צום ברעג-צו.

land'wards *adv.* (לענד'-הוואָרדז) צום ברעג-צו, צום לאַנד-צו.

land'-war'rant *n.* (לענד'-הוואָר'-ענט) אַ דאָקומענט וואָס בערעכטיגט צום בעזיץ פֿון אַ געוויסען שטח רעגיערונגס-לאַנד [אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ].

land'-wash *n.* (לענד'-הוואָש) דער פּלאַץ אויף'ן ברעג ים, צו וועלכען דאָס וואַסער קומט צו אין דער צייט פֿון פֿלוט [הויכען וואַסער-שטאַנד]; דאָס וואָס ווערט אויף דיזען פּלאַץ צוגעשווענקט.

land'wehr *n.* (לאַנט-וועהר) לאַנדוועהר, מיליץ [וואָס ווערט גערופֿען צו דינסט נור אין צייט פֿון מלחמה — אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אין דער שווייץ].

land'-wind *n.* (לענד'-הווינד) אַ ווינד וואָס בלאָזט פֿון ברעג צום ים.

land'wor'ker *n.* (לענד'-הוואָר'-קער) אַן ערד-אַרבייטער.

lane *n.* (ליין) 1. אַ שטעגעלע; אַ שמאָל געסעל; 2. אַ דורכגאַנג; אַ בעשטימטער וועג; צוויי שורות בוימער אָדער מענשען וועלכע זיינען אויסגעשטעלט אויף צוויי זייטען מיט אַ דורכגאַנג אין מיטען; 3. דער האַלז.
1. The farmer's house is situated on a **lane** of the main road.

lane'-route *n.* (ליין'-רוהט) דער וועג פֿאַר שיפֿען אין ים.
Since the sinking of the Titanic, steamers take the more southern **lane-routes.**

langa'ha *n.* (לענ-גאַ'-האַ) אַזאַ שלאַנג אין מאַדאַגאַסקאַר, וואָס איהר מויל ענדיגט זיך מיט אַ לענגליכען שאַרפֿען שפּיץ.

lang'syne' *n.* (לענג'-סאַין') אַ לאַנג-פֿערגאַנגענע צייט.

lan'guage *n.* (לענ'-גהוועדזש) אַ שפּראַך; דער סטיל פֿון אַ שפּראַך [סגנון הלשון].

lan'guaged *a.* (לענ'-גהוועדזשד) וואָס האָט אַ שפּראַך; וואָס רעדט פֿערשיעדענע שפּראַכען.

lan'guageless *a.* (לענ'-גהוועדזש-לעס) וואָס האָט ניט קיין שפּראַך; אָהן לשון, שטום.

lan'guage-mas'ter *n.* (לענ'-גהוועדזש-מעס'-טער) אַ שפּראַכען-לעהרער.

lan'guet *n.* (לענ'-געט) עפּעס וואָס איז עהנליך צו אַ צינגעל.

lan'guid *a.* (לענ'-גהוויד) מאַט, שוואַך; שלאַף.

lan'guidly *adv.* (לענ'-גהוויד-לי) אָהן קראַפֿט, אָהן ענערגיע, מאַט, שוואַך.

lan'guidness *n.* (לענ'-גהוויד-נעס) מאַטקייט, שוואַכקייט; שלאַפֿקייט.

lan'guish *v.* (לענ'-גהוויש) ווערען שוואַך; ווערען מאַט; שמאַכטען; בענקען.
Captain Dreyfus, though innocent, **languished** in prison for many years.

lan'guishing *a.* (לענ'-גהוויש-אינג) ווערענדיג שוואַך אָדער מאַט; שמאַכטענד; בענקענד.

lan'guishingly *adv.* (לענ'-גהוויש-אינג-לי) שמאַכטענדיג; בענקענדיג; ווערענדיג שוואַך אָדער מאַט.

lan'guishment *n.* (לענ'-גהוויש-מענט) דאָס שמאַכטען; מאַטקייט, שוואַכקייט.

lan'guor *n.* (לענ'-גאָר) מאַטקייט, שלאַפֿקייט; שלעפֿעריגקייט; נידערגעשלאַגענהייט; דאָס שמאַכטען; דאָס בענקען; זעהנזוכט; אויסצעהרונג פֿון פֿלאַנצען.

lan'guorous *a.* (לענ'-גאָר-אָס) שמאַכטענד; בענקענד; לאַנגווייליג; ערשלאַפֿענד; פֿערפֿיהרעריש.

lan'iard *n.* (לענ'-יאַרד) אַזאַ קורצעס שיף-שטריקעל.

laniar'iform *a.* (ליי-ני-ער'-אי-פֿאָרם)

וואס האט די פארם פון די אויגען-צייהנער ביי פלייש-עסענדע חיות.

la′niary *a. and n.* (ליי′-ני-ע-רי) וואס איז צוגעפאסט צו רייסען אדער בייסען פלייש [בעזאנדערס וועגען די אויגען-צייהנער פון די פלייש-עסענדע חיות]; אן אויגען-צאהן פון א פלייש-עסענדער חיה.

la′nier *n.* (ליי′-ניער) ז. *lanner*

lanif′erous *a.* (לע-ניפ′-ע-ראס) וואליג; וואס גיט ארויס וואל.

lan′iform *a.* (לענ′-אי-פארם) וואס האט די פארם פון וואל.

lanig′erous *a.* (לע-נידזש′-ע-ראס) וואליג; בעדעקט מיט וואל; וואס האט דעם אויסזעהן ווי וואל; וואס גיט ארויס וואל.

lank *a.* (לענק) שלאף; לויז; דין; שלאנק; דאר, איינגעשרומפפט, מאגער.

lank′ly *adv.* (לענק′-לי) ז. *lank*

lank′ness *n.* (לענק′-נעס) דארקייט; מאגערקייט; איינגעשרומפפענקייט; דינקייט; שלאנקקייט; שלאפקייט.

lan′ky *a.* (לענ′-קי) מאגערליך, דארליך; דין; שלאנק.

Abraham Lincoln was tall and lanky in appearance.

lan′ner *n.* (לענ′-ער) דער וואכטעל-פאלק [אזא גרויסער רויב-פויגעל, הויפטזעכליך די "זי"].

Lanner

lan′neret *n.* (לענ′-ער-עט) דער וואכטעל-פאלק [הויפטזעכליך דער "ער"]. ז. *lanner*

lan′neroid *a.* (לענ′-ער-איד) עהנליך צו א וואכטעל-פאלק. ז. *lanner*

lans′downe *n.* (לענז′-דאון) א מין צייג געמישט פון זייד און וואל.

lans′quenet *n.* (לענס′-קע-נעט) א מין באנקא-שפיעל אין קארטען; א לאנדסקנעכט [א געדונגענער פוס-סאלדאט אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט]; א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיקע.

lant *n. and v.* (לענט) אורין [השתנה]; בענעצען אדער מישען מיט אורין.

lan′tern *n. and v.* (לענ′-טערן) א לאנטערנע; דער אויבערשטער גלעזערנער טייל פון א לייכט-טהורם; א דאך-טהורם מיט פענסטער; א גראדעס דאך-פענסטער; א שעסטערנע [אזא לענגליך, צילינדער-פערמיג רעדעל וואס ווערט געטריבען פון א צאהן-ראד]; דער טייל פון אן עלעקטראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען עלעקטריציטעט], וואו עס איז איינגעפאסט דאס שפיענעלע; א פארריכטונג איינצושליסען שטאף ביים פארבען, כדי צו בעפעסטיגען די פארבען דורך דאמפף; בעזארגען מיט א לאנטערנע; אויפהענגען אויף א לאנטערנע-סלופ [אלס טויט-שטראף].

lan′tern-bel′lows *n.* (לענ′-טערן-בעל′-אוז) אזא בלאז-זאק עהנליך צו א יאפאנעזישער אדער כינעזישער לאנטערנע [א פאפיער-לאנטערנע וואס קען זיך צונויפלעגען].

lan′tern-car′rier *n.* (לענ′-טערן-קער′-אי-ער) ז. *lantern-fly*

lan′tern-fly *n.* (לענ′-טערן-פלאי) דער לאנטערנען-טרעגער [א מין גרויסע פליעג וועגען וועלכער מען רעכענט דאס זי לאזט ארויס פון זיך א שטארקע ליכט אין דער פינסטערניש].

Lantern-fly

lan′tern-jack *n.* (לענ′-טערן-דזשעק) ז. *Jack-o′-lantern*

lan′tern-jawed *a.* (לענ′-טערן-דזשאהד) וואס האט א לאנג, דין געזיכט; וואס האט איינגעפאלענע באקען.

lan′tern-jaws *n.* (לענ′-טערן-דזשאהז) איינגעפאלענע באקען; א לאנג, שמאל געזיכט.

lan′tern-light *n.* (לענ′-טערן-לאיט) די בעלייכטונג פון א לאנטערנע.

lan′tern of the dead (לענ′-טערן אוו טהי דעד) א מין מצבה-טהורם אויף בית-עלמין′ס מיט א בעלויכטענעם פענסטער פון אויבען [אין פראנקרייך און אירלאנד].

lan′tern-tow′er *n.* (לענ′-טערן-טאו′-ער) א דאך-טהורם מיט פענסטער.

lan′tern-wheel *n.* (לענ′-טערן-הוויעל) א שעסטערנע [אזא לענגליך, צילינדער-פערמיג רעדעל וואס בעשטעהט פון צוויי דעקלעך, צווישען וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט אין דער רונד דרעטלעך, אין וועלכע עס גרייפען איין די צייהנער פון א צאהן-ראד].



Lantern-wheel

lantha′nium *n.* (לענ-טהיי′-ני-אם) ז. *lanthanum*

lan′thanum *n.* (לענ′-טהע-נאם) לאנטהאנום [אזא דונקעל-גרויער מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

lanugin′ic *a.* (לענ-יו-דזשינ′-איק) וואליג; וואס איז שייך צו וואל.

lanu′ginose *a.* (לע-ניו′-דזשי-נאוס) ז. *lanuginous*

lanu′ginous *a.* (לע-ניו′-דזשי-נאס) וואליג, פוכיג; בעדעקט מיט פוך.

lan′yard *n.* (לענ′-יארד) ז. *laniard*

Laoc′oon *n.* (לע-אק′-א-אן) לאאקאאן [א בעריהמטע סטאטוע, וועלכע שטעלט פאר דעם טראיאנישען פריסטער לאאקאאן מיט זיינע צוויי זיהן ווי זיי ווערען דערשטיקט פון א שלאנג].

Laocoon

Laodice′an *a. and n.* (לע-אד-אי-סי′-ען) וואס איז שייך צו דער אלטער שטאדט לאאדיצעא אין פריגיען; גלייכגילטיג צו רעליגיאן אדער רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען; אהן א בעשטימטען כאראקטער; אן איינוואהנער פון לאאדיצעא; א קריסט וואס איז גלייכגילטיג צו רעליגיאן.

Laodice′anism *n.* (לע-אד-אי-סי′-ען-איזם) גלייכגילטינקייט צו רעליגיאן.

lap *n. and v.* (לעפ) דער שויס פון א קלייד; דער שויס; די פאלעס אדער דער פאדערשטער לויזער טייל פון א בגד; א רעדעל אדער פלאטע פון ווייכען מעטאל אדער האלץ וואס ווערט בענוצט צום פאלירען הארטען מעטאל אדער ביים שלייפען דימענטען; א פלאכטע אדער ראלע וואל אדער באוועל וואס איז אנגענרייט צום בערשטען; א לעק; א קלאנג ווי דער וואס הערט זיך ביים לעקען; אן איבערשלאג; א טייל פון א זאך וואס שטארצט ארויס איבער די אנדערע ווי א נעזימס, א זוים, א ראנד א. ד. ג.; אריבערבויגען, פערבויגען, איינפאלבען; וויקלען, אויפוויקלען; איבערשלאגען, איבערדעקען; לעקען; זיך בעלעקען; ארויסלאזען א קלאנג ווי ביים לעקען; שלייפען אדער פאלירען מיט א רעדעל אדער פלאטע פון ווייכען מעטאל אדער האלץ.

laparot′omy *n.* (לעפ-ע-ראט′-א-מי) אן אפעראציאן דורך אויפשניידען דעם בויך.

lap′-ban′der *n.* (לעפ′-בענ′-דער) עטוואס וואס פערבינדט צוויי נענענשטענדע פעסט צוזאמען.

lap′-board *n.* (לעפ′-באורד) א שויס-ברעט [א ברעט אדער פלאטע וואס ווערט געהאלטען אויף′ן שויס פאר דער ארבייט, ווי ביי שוסטער, אויסנעהער א. ד. ג.].

lap′-dog *n.* (לעפ′-דאג) א שויס-הינטעל.

lap′-eared *a.* (לעפ′-איערד) מיט ארא‌בגעהאנגענע אויערען.

lapel′ *n.* (לע-פעל′) א לאץ אדער קלאפע פון א בגד.

He wore a large badge on his lapel.

lap′ful *n.* (לעפ′-פול) א פולער שויס.

The girl picked a lapful of apples in her apron.

lap′idarist *n.* (לעפ′-אי-דע-ריסט) ז. *lapidist*

lap′idary *a. and n.* (לעפ′-אי-דע-רי) וואס איז שייך צו א שטיין אדער שטיינער; וואס איז שייך צו שטיין-שניידע-

ריי אדער שטיין־קריצעריי ; איינגעקריצט אדער איינגעגראווירט אין שטיין ; א שטיין־שניידער, א שטיין־קריצער ; א מצבות־קריצער.

lap'idary style (לעפ'-אי-דע-רי סטאיל) דער לאפידאר־סטיל [דער סטיל פון אויפשריפטען אויף מצבות].

lap'idate *v.* (לעפ'-אי-דייט) שניידען און פאלירען ווי שטיינער ; פערווארפען מיט שטיינער ; פערשטיינען.

lapida'tion *n.* (לעפ-אי-דיי'-שאן) דאס פערשטיינונג, דאס פערווארפען מיט שטיינער ; טויט־שטראף דורך פערשטיינען [סקילה].

lapid'eous *a.* (לע-פיד'-אי-אס) שטייניג, שטיינערדיג, וואס בעשטעהט פון שטיין.

lapidif'ic *a.* (לעפ-אי-דיפ'-איק) פערשטיינערנד, וואס פערוואנדעלט אין שטיין.

lapidif'ical *a.* (לעפ-אי-דיפ'-אי-קעל) ז. *lapidific*.

lapidifica'tion *n.* (לע-פיד-אי-פי-קיי'-שאן) די שטיין־בילדונג, די פערוואנדלונג אין שטיין.

lapid'ify *v.* (לע-פיד'-אי-פאי) פערוואנדלען אין שטיין, מאכען צו שטיין.

lap'idist *n.* (לעפ'-אי-דיסט) א קענער פון עדעלשטיינער ; א קענער אין מינעראלאגיע [בעזאנדערס אין שטיינער וואס ווערען בענוצט אלס בעפוצונג].

lap'idose *a.* (לעפ'-אי-דאוס) וואס וואקסט אין שטיינערדיגע ערטער.

lapil'li *n.* (לע-פיל'-אי) וואולקאן־שלאקען, וואולקאן־אש [ברוך־שטיקלעך פון פערשיעדענעם מאטעריאל וואס ווערען ארויסגעווארפען פון א פייער־שפייענדען בארג].

lapil'liform *a.* (לע-פיל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון קליינע שטיינדלעך.

lapil'lus *n.* (לע-פיל'-אס) א קליין שטיינדעל ; אן אויער־שטיינדעל [אזא הארט שטיקעל מאטעריע וואס געפינט זיך אין אינערליכען טייל פון אויער ביי פישלע חיות].

la'pis *n.* (ליי'-פיס) א שטיין ; א געוויסע מעטאדע פון דרוקען קאליקא אדער קארטון [ציץ].

la'pis caus'ticus (ליי'-פיס קאהס-טי-קאס) לאפיס [א שטיין אויסצוברענען וואונדען].

la'pis inferna'lis (ליי'-פיס אינ-פויר-ניי'-ליס) דער העל־שטיין [א פערבינדונג פון שטיק־שטאף, זויער־שטאף און זילבער].

la'pis laz'uli (ליי'-פיס לעז'-יו-לאי) לאפיס לאזולי, דער לאזור־שטיין. ז. איל. *"Gems"*

la'pis Lyd'ius (ליי'-פיס ליד'-אי-אס) דער פראביר־שטיין.

la'pis olla'ris (ליי'-פיס א-לא'-ראיס) דער זייף־שטיין אדער טאלק־שטיין.

Lap'ithæ *n.* (לעפ'-אי-טהיע) די לאפיטהען [א פארצייטיגעס פאלק אין טהעסאליען, וועגען וועלכען די גריכישע מיטאלאגיע דערצעהלט, אז עס שטאמט אב פון לאפיטהעס, דעם זוהן פון גאט אפאלא און וועלכעס האט געפיהרט א קאמפף מיט די צענטאורען [בעשעפענישען, וועלכע זיינען האלב מענש און האלב פערד].

lap'-joint *n.* (לעפ'-דזשאינט) א צונויפשלוס פון צוויי ברעטער אדער פלאטען וואו די ראנדען פון איין ברעט אדער פלאטע זיינען אריבערגעבויגען איבער די צווייטע.

Lapla'cian *a.* (לא-פלא'-סי-ען) וואס איז שייך צו לאפלאס [א בעריהמטער פראנצויזישער אסטראנאם און מאטעמאטיקער, געבארען אין יאהר 1749, געשטארבען אין 1827].

Lap'land *n.* (לעפ'-לענד) [א לאפלאנד קאלטע געגענד, וועלכע געפינט זיך אין צפון פון סקאנדינאווישען האלב־אינזעל און איז צוטיילט צווישען שוועדען, נארוועגיען און רוסלאנד].

Lap'lander *n.* (לעפ'-לענ-דער) א לאפלענדער, אן איינוואהנער פון לאפלאנד.

Lap'landish *a.* (לעפ'-לענ-דיש) לאפלענדיש, וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון לאפלאנד.

lap'per *n.* (לעפ-ער) א צוזאמענלעגער, אן איינוויקלער ; א לעקער, א בעלעקער ; ביי אינזעקטען — דאס צינגעל [צום לעקען האניג].

lap'pet *n.* and *v.* (לעפ'-עט) א פאלע פון א ראק ; א פליגעל אדער סטענגע פון א טשיפעק אדער הוט ; א שטיקעל פלייש וואס הענגט אראב ביי א פויגעל אונטער'ן שנאבעל, ווי ביי היהנער און העהנער די בארד ; בעדעקען מיט א פאלע.

lap'peted *a.* (לעפ'-עט-עד) וואס האט אנגעוואקסענע אראבהענגענדע שטיקלעך פלייש אונטער'ן שנאבעל [וועגען פויגעלען].

lap'pet-head *n.* (לעפ'-עט-העד) א טשיפעק אדער הוט מיט סטענגעס.

lap'ping *n.* (לעפ'-אינג) דאס אבלעקען מיט דער צונג ; דאס שטילע רוישען פון וואסער ; דאס וויקלען, דאס צונויפלעגען; דאס אבפאלירען אדער אבשלייפען מעטאל דורך רייבען מיט א ווייכער מעטאלענער פלאטע.

Lap'pish *a.* and *n.* (לעפ'-איש) וואס איז שייך צו לאפלאנד אדער צו די לאפלענדער ; די שפראך פון די לאפלענדער [זי איז נאהנט צו פיניש].

lap'-ring *n.* (לעפ'-רינג) א רינג וואס זיינע עקען קומען אריבער איינער איבער דעם אנדערען.

laps'able *a.* (לעפס'-עבל) וואס קען צוריקפאלען ; וואס קען פאלען ; פעהלבאר, וואס מאכט א פעהלער אדער א דורכפאל.

lapse *n.* and *v.* (לעפס) א פאל ; אן אנפאל ; דאס פאלען פון וואסער ; א צייט־פערלויף ; דאס אונגילטיג ווערען פון א רעכט דורך ניט בענוצען זיך מיט איהם א לענגערע צייט אדער דורך פערנאכלעסיגען נאכצוקומען די פליכטען, וועלכע זיינען מיט דיעזען רעכט פערבונדען ; א פעהלער, א פערזעהען ; דאס אראבפאלען אויף א נידריגערער מדרגה [דורך זינד]; פאלען ; זינקען ; אבפאלען ; פערלויפען, פערגעהן ; בעגעהן א פעהלער ; צופאלען אדער איבערגעהן פון דעם אייגענטימער צו אן אנדערען דורך א פערנאכלעסיגונג, א פערזאמונג אדער טויט־פאל [ווי ירושה]; ווערען אונגילטיג.

lap'-si'ded *a.* (לעפ'-סאי'-דעד) ז. *lopsided*.

lap'-stone *n.* (לעפ'-סטאון) א שוסטער לאפ־שטיין [דער שטיין וועלכען א שוסטער האלט אויף'ן שויס אויסצוקלאפען לעדער].

lap'streak *a.* (לעפ'-סטריעק) אין שיף־בוי — געבויט פון ברעטער, וועלכע קומען אריבער איינע איבער די אנדערע.

lap'sus cal'ami (לעפ'-סאס קעל'-ע-מאי) א שרייב־פעהלער.

lap'sus lin'guæ (לעפ'-סאס לינ'-גהוויע) אן אויסדרוק וואס כאפט זיך ארויס ניט ווילענדיג ; אן אויסדרוק־פעהלער וואס כאפט זיך ארויס אין ריידען.
My remark was not intentionally insulting. It was only a lapsus linguae.

Lapu'tan *a.* and *n.* (לע-פיו'-טען) וואס איז שייך צו דעם פאנטאסטישען פליהענדען אינזעל לאפוטא אין סוויפט'ס ערצעהלונגען, אויף וועלכען די איינוואוהנער זיינען געווען אריינגעטהאן אין פערשיעדענע אונמעגליכע, לעכערליכע וויסענשאפטליכע פראיעקטען ; לעכערליך, אבסורד, אונמעגליך ; אן איינוואוהנער פון דעם פליהענדען אינזעל לאפוטא ; א פאנטאזיאר, א טרוימער.

lap'wing *n.* (לעפ'-הווינג) דער קיביץ [אזא פויגעל מיט א שפיציגען טשוב אויף'ן קאפ, ער האט מעטאל־גלאנציגע פעדערען אויף די אויבערשטע טיילען פון קערפער און זיינע פיס האבען צו פיער פינגער].



Lapwing

lap'work *n.* (לעפ'-הוואירק) ארבייט אין מעטאל, וואו די טיילען ווערען בעפעסטיגט צוזאמען דורך דעם וואס די ענדען פון איין טייל ווערען אריבערגעבויגען איבער דעם צווייטען און נאכהער פערניטעוועט.

laq'uear *n.* (לעק'-הווי-אר) א סופיט [סטעליע] וואס איז געמאכט ווי פון צונויפגעשטעלטע טיפע קעסטעלעך.

Lar *n.* (לאר) דער לאר אדער דער הויז־גאט [איינער פון די קליינע געטער אין אלטען רוים, וואס האט געדארפט בעשיצען דאס הויז און די פאמיליע]; א זאך וואס איז זעהר טייער אין דער פאמיליע.

lar'board *n.* and *a.* (לאר'-באורד) די לינקע זייט פון א שיף ; וואס איז שייך צו דער לינקער זייט פון א שיף.

lar'cener *n.* (לאר'-סע-נער) א גנב.

lar'cenist *n.* (לאר'-סע-ניסט) ז. *larcener*.

lar'cenous *a.* (לאר'-סע-נאס) גנבה'ש.

lar'cenously *adv.* (לאר'-סע-נאס-לי) אויף א גנבה'שען אופן.

lar'ceny *n.* (לאר'-סע-ני) גנבה.

larch *n.* (לארטש) דער לערכען־בוים.

larch'-bark *n.* (לארטש'-בארק) לערכען־בוים קארע [ווערט בענוצט צום גארבען לעדער און אלס פארב].

larch'-tree *n.* (לארטש'-טריע) ז. *larch*.

lard *n.* and *v.* (לארד) שווינען־שמאלץ; שטאפען אדער פילען מיט שווינען־פלייש; בעשמירען מיט שווינען־שמאלץ ; צולעגען פעטס, פעט מאכען ; געשמאק מאכען, בע'טעמ'ען.

larda'ceous *a.* (לאר-דיי'-שיאס) ווי שווינען־שמאלץ, ווי חזיר־פעטס ; וואס ענטהאלט אדער וואס איז שייך צו שווינען־שמאלץ.

lar'der *n.* (לאר'-דער) א פלייש־קאמער,

א שפּייז־קאַמער, א שפּייז־אַלמער; דער שפּייז־פאַרראַט אין א הויז.

lar'derer *n.* (לאַר'־דער־ער) אן אויפזע־הער איבער א שפּייז־קאַמער.

lar'ding-nee'dle *n.* (לאַר'־דינג־ניע'דל) ז. ***larding-pin***

lar'ding-pin *n.* (לאַר'־דינג־פּין) א שפּיק־נאָדעל [א שטעכערעל וואָס ווערט בענוצט ביים שטאָפּען אדער פּילען עפּעס מיט שווייניען־פלייש].

lard'-oil *n.* (לאַרד'־איל) א מין געדיכטע אויל, וואָס ווערט פּראָדוצירט פון שווייניען־שמאַלץ.

lar'don *n.* (לאַר'־דאַן) א שטיק חזיר־פלייש אדער חזיר־שמאַלץ [צום שטאָפּען אדער פּילען].

lardoon' *n.* (לאַר־דוהן') ז. ***lardon***

lar'dy *a.* (לאַר'־די) ווי שווייניען־שמאַלץ; וואָס ענטהאַלט חזיר־פעטס.

lar'dy-dar'dy *n., a. and v.* (לאַר'־די־דאַר'־די) א פראַנט; גרויסאַרטיג, פּראַכטפול; פּראַנטעווען.

La'res *n.* (ליי'־ריעז) ז. ***Lar*** דער לאַרען.

large *a., adv. and n.* (לאַרדזש) גרויס; ברייט, אומגעצוואונגען; מיט'ן פולען ווינד, מיט אַלע זעגלען [ווענען א שיף]; פריי־הייט, אומגעצוואונגענהייט.

large'-a'cred *a.* (לאַרדזש'־איי'־קערד) וואָס בעזיצט פיעל גרונד־אייגענטום.

large'-han'ded *a.* (לאַרדזש'־הענ'־דעד) 1. וואָס האָט גרויסע הענד; 2. גיעריג, זשעדנע; 3. פריינעבּיג, מיט א ברייטער האַנד.

3. Large-handed charity.

large'-hear'ted *a.* (לאַרדזש'־האַר'־טעד) גרויסמוטיג, פריינעבּיג, גוטהאַרציג.

large'-hear'tedness *n.* (לאַרדזש'־האַר'־טעד־נעס) גרויסמוטה, גוטהאַרציג־קייט, פריינעבּיגקייט.

large intes'tine (לאַרדזש אינ־טעס'־טין) די גרויסע קישקע.

ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

large'ly *adv.* (לאַרדזש'־לי) 1. אויף א ברייטען, פולשטענדיגען, אומפאַסענדען אדער אויספיהרליכען שטייגער; 2. ביז א גרויסען גראַד; 3. מייסטענס, מעהר־סטענטייל.

1. The speaker discussed the subject largely. He dwelt fully on every phase of his theme.
3. The African continent is largely inhabited by a negro population.

large'-min'ded *a.* (לאַרדזש'־מאַינ'־דעד) וואָס האָט א ברייטען קוק אויף זאַכען; ליבעראַל.

large'-min'dedness *n.* (לאַרדזש'־מאַינ'־דעד־נעס) א ברייטער קוק אויף זאַכען; ליבעראַליזם.

large'ness *n.* (לאַרדזש'־נעס) גרויס־קייט; ברייטקייט; אויסדעהנונג, אויס־ברייטונג; הויכמוטיגקייט.

lar'gess *n.* (לאַר'־דזשעס) א נדבה; א געשענק; פריינעבּיגקייט.

lar'gesse *n.* (לאַר'־דזשעס) ז. ***largess***

lar'get *n.* (לאַר'־דזשעט) די לענג פון א שטיק אייזען וואָס ווערט אָבגעשניטען פאַר דעם צוועק אויסצוואַלצען א פּלאַטע.

larghet'to *a. and n.* (לאַר־געט'־טאָ) אין מוזיק — עטוואָס לאַנגזאַם; א שטיק מוזיק געשפּיעלט לאַנגזאַם.

larghis'simo *a.* (לאַר־גיס'־סי־מאָ) אין מוזיק — זעהר לאַנגזאַם.

lar'go *a. and n.* (לאַר'־גאָ) אין מוזיק — לאַנגזאַם; א שטיק מוזיק געשפּיעלט אין א לאַנגזאַמער טעמפּאָ.

lar'iat *n.* (לער'־אי־עט) א לאַנגער שטריק, וועלכער ווערט בענוצט אַנצובינדען בהמות, ווען זיי פּיטערען זיך, אז זיי זאָלען ניט ווייט אַוועקגעהן; א לאַסאָ [אזא שטריק מיט א שלייף ביים עק וואָס ווערט בענוצט צו כאַפּען ווילדע פערד, אָקסען א. ד. ג.].

lark *n. and v.* (לאַרק) די לערכע [אזא קליין פויגעלע]; א שטוקע, א שפּיצעל, א קונץ, א שפּאַס, א שטיפעריי; כאַפּען לערכען; בעווייזען א קונץ; מאַכען א שפּאַס, אָבטהאָן א שפּיצעל.

lar'ker *n.* (לאַר'־קער) א פאַנגער פון לערכען־פויגעלעך.

lark'-finch *n.* (לאַרק'־פינטש) דער לערכען־פינק [א פויגעל ענליך צו א לערכע, וועלכער געפינט זיך אין א גרוי־סער צאָהל אין די וועסטליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמערי־קאַ].

lark'-heel *n.* (לאַרק'־היעל) א לאַנגע אָרויסגעשטאַרצטע פּיאַטע [קולגע].

lar'kish *a.* (לאַר'־קיש) ז. ***larky***

lark's'-heel *n.* (לאַרקס'־היעל) די קאַ־פּוצינער־קרעסע; דער ריטער־שפּאָרן [אזוי־וועלכע פלאַנצען]. ז. ***larkspur***

lark'-spar'row *n.* (לאַרק'־ספּער'־או) ז. ***lark-finch***

lark'spur *n.* (לאַרק'־ספּויר) דער ריטער־שפּאָרן [אזא פלאַנצע, וואָס ווערט געברויכט צו רייניגען דעם קאָפּ ביי קינ־דער].

lar'ky *a.* (לאַר'־קי) שטיפעריש, וואָס ליעבט צו מאַכען שטוקעס.

lar'mier *n.* (לאַר'־מיער) א קראַנץ־לייסט פון א דאַך איבער דער וואַנד, כדי ניט צו דערלאָזען, אז דער רעגען זאָל אַראָבּרינען אויף דער וואַנד; דאָס טרעהרען־זעקעל אין ווינקעל אויג ביי הירשען אדער אַנדערע חיות.

lar'rigan *n.* (לער'־אי־גאַן) אזא שטי־וועל פון גוט געאוילטען לעדער וואָס האָלץ־העקער טראָגען געוועהנליך.

lar'rikin *a. and n.* (לער'־אי־קין) בויאַניש, צולאָזען; א בויאַן.

lar'rup *v.* (לער'־אָפּ) אָנבערען די ביינער.

lar'um *n.* (לער'־אָם) א טרעוואָגע, אן אַלאַרם.

lar'va *n.* (לאַר'־וואַ) דאָס לאַרווע [די ווערימעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך אן אינזעקט. די ערשטע פאָרם פון א בעשעפעניש אין דעם צושטאַנד ווען זי איז ניט ענליך צו איהרע עלטערען]; א גייסט; א גייסט פון א געשטאָרבענעם.

Larva

lar'val *a.* (לאַר'־וועל) בעהאַלטען, פער־מאַסקירט, ניט קלאָר [ווענען קראַנקהיי־טען]; וואָס איז שייך צו א לאַרווע.

lar'vate *a.* (לאַר'־וויט) בעהאַלטען, פערמאַסקירט, ניט קלאָר [ווענען קראַנק־הייטען].

lar'vated *a.* (לאַר'־וויי־טעד) ז. ***larval***

lar'viform *a.* (לאַר'־ווי־פאָרם) ענליך צו א לאַרווע, וואָס האָט די פאָרם פון א לאַרווע.

laryn'geal *a.* (לע־רינ'־דזשי־על) וואָס איז שייך צום קעהלקאָפּ [דער אוי־בערשטער טייל פון גאַרגעל, דורך וועלכען די שטימ־קלאַנגען ווערען אויסגעדריקט].

laryn'gean *a.* (לע־רינ'־דזשי־ען) ז. ***laryngeal***

laryngit'ic *a.* (לער־אינ־דזשיט'־איק) וואָס איז שייך צו אן ענטצינדונג פון קעהלקאָפּ [דער אויבערשטער טייל פון גאַרגעל].

laryngi'tis *n.* (לער־אינ־דזשאַי'־טיס) לאַרינגיטיס, אן ענטצינדונג פון קעהלקאָפּ [דער אויבערשטער טייל פון גאַרגעל].

laryngol'ogist *n.* (לער־אינ־גאַל'־אָ־דזשיסט) א לאַרינגאָלאָגיסט, א קענער אין לאַרינגאָלאָגיע. ז. ***laryngology***

laryngol'ogy *n.* (לער־אינ־גאַל'־אָ־דזשי) די לעהרע וועגען קעהלקאָפּ [דער אויבערשטער טייל פון גאַרגעל].

laryngoph'ony *n.* (לער־אינ־גאָפ'־אָ־ני) דער טאָן פון קעהלקאָפּ, דער קלאַנג פון דער שטימע וואָס עס ווערט געהערט דורך א סטעטאָסקאָפּ [אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען הערט אויס די בעוועגונגען פון די לונגען און הארץ].

laryngophthi'sis *n.* (לע־רינ־גאָ־טאַי'־סיס) שווינדזוכט [טובערקולאָזיס] פון קעהלקאָפּ [אויבערשטער טייל פון גאַרגעל].

laryn'goscope *n.* (לע־רינ'־גאָ־סקאָופּ) א קעהלקאָפּ־שפּיעגעל [אזא שפּיעגעל אָרײַנצוקוקען אין אויבערשטען טייל פון גאַרגעל].

laryngot'omy *n.* (לער־אינ־גאָט'־אָ־מי) א קעהלקאָפּ־שניט [אן אָפּעראַציאָן אדער אויפשניידונג פון אויבערשטען טייל פון גאַרגעל].

lar'ynx *n.* (לער'־אינקס) דער קעהלקאָפּ [דער אויבערשטער טייל פון גאַרגעל דורך וועלכען עס ווערען אויסגעדריקט די שטימ־קלאַנגען].

lascar' *n.* (לעס־קאַר') א דיענער אין דער אַרמעע אדער אויף א שיף אין אָסט־אינדיען; אן אָסט־אינדישער מאַטראָז.

lasciv'ious *a.* (לע־סיוו'־אי־אָס) תאוה־דיג, גלוסטיג.

lasciv'iously *adv.* (לע־סיוו'־אי־אָס־לי) מיט תאוה, מיט גלוסטיגקייט.

lasciv'iousness *n.* (לע־סיוו'־אי־אָס־נעס) תאוה, גלוסטיגקייט.

la'ser *n.* (ליי'־סער) לאַזאַרגומי [אזא גומי־פּעך פון נאָרד־אַפריקאַ].

la'serwort *n.* (ליי'־סער־וואָירט) לאַ־זערקרויט [אזא גראָז־פלאַנצע מיט געלב־ליכע אדער ווייסע בליטהען. פון דעם וואָר־צעל פון דיעזער פלאַנצע דריקט מען אויס א ביטערען זאַפט, וואָס דיענט אלס שטאַר־קער אָבפיהרונגס־מיטעל].

lash *n. and v.* (לעש) דאָס רימענדעל אדער שטריקעל פון א בייטש; א שמיץ מיט א בייטש; א בייסענדע סאַטירע; א וויהע פון אן אויג [די האָר פון אויגען־לעדעל]; שמייסען מיט א בייטש; שאַרף קריטיקירען, אָבשפּאָטען מיט א בייסענ־דער סאַטירע; פעסט מאַכען, צוזאַמענבינ־דען; אָנבינדען מיט א שטריקעל.

lash'er *n.* (לעש'־ער) איינער וואָס שמייסט מיט א בייטש; א שמייסער; א בעפעסטיגונגס־שטריק; א פערצאַמונג אין א טייך צו פאַנגען פיש.

lash'ing *n.* (לעש'־אינג) א צוזאַמבינ־

דונג מיט א שטריק אדער שנירעל; א שטריק אדער שנור צום פערבינדען; דאס שמייסען מיט א בייטש.

lash'ing-eye *n.* (לעש'-אינג-אי) א שלייף ביים ענד פון א שטריק כדי צו קענען פעסטער פערבינדען.

lask *n.* (לעסק) א דינער, פלאכער דימענט מיט א פאצעט [געשליפענע פלעכע].

las'ket *n.* (לעס'-קעט) א שלייף פון א שטריקעל אנגענעהט צו דעם אונטערשטען זוים פון א זעגעל צוצובינדען אן אנ־דער זעגעל צו איהם.

lass *n.* (לעס) א מיידעל; א געליעבטע.
The **lass** is well liked by all her friends.

las'sie *n.* (לעס'-אי) א קליין, יונג מיידעל.

las'situde *n.* (לעס'-אי-טיוד) מידיג־קייט; מאטקייט.
A feeling of **lassitude** overcame me. I could not move another step.

lass'-lorn *a.* (לעס'-לארן) פערלאזען פון דער געליעבטער.

las'so *n. and v.* (לעס'-או) [א לאסא א שטריק מיט א פעטליע אדער שלייף צו כאפען ווילדע פערד, אקסען א. ד. ג.]; כאפען מיט א לאסא.

las'soing *n.* (לעס'-או-אינג) דאס כאפען חיות מיט א לאסא. ז. ***lasso***

Lassoing

last *a., n., adv. and v.* (לעסט) לעצט, לעצטע; נידריגסט, גרינגסט; דער לעצ־טער, די לעצטע, דאס לעצטע; אן ענד, א שלוס; צום ענד, צום שלוס; אם ענדע; ענדליך; שליסליך; א קאפול אדער לייסט פון א שוך; א לאסט פון א געוויסען גע־וויכט [מייסטענס 4 טויזענד פונט]; א שטיקעל פיש, וואס ווערט בענוצט אויפצושטעקען אויף א האטשיק צו פאנגען פיש; ארויפציהען א שוך אויף'ן קאפול; דויערען; אויסהאלטען, זיך האלטען אדער בלייבען אין א גוטען צושטאנד.

las'tage *n.* (לעס'-טעדזש) באלאסט פון א שיף; א מאגאזין [אבצולעגען וואא־רען].

last but one (לעסט באט הוואן) דער פארלעצטער [דער אדער דאס וואס איז פאר דעם לעצטען].

last cast (לעסט קעסט) דער לעצטער שאנס, דאס לעצטע מיטעל, די לעצטע קארט.

last days (לעסט דייז) דער סוף פון דער וועלט; די ווייטע צוקונפט [באחרית הימים].

las'ter *n.* (לעס'-טער) אן ארבייטער אדער מאשין וואס ציהט אן דעם שוך אויף'ן קאפול [לייסט].

last extrem'ity (לעסט עקס-טרעמ'-אי-טי) דער לעצטער פערצווייפעלטער מי־טעל; דער לעצטער אטעם־צוג.

last gasp (לעסט געספ) דער לעצטער אטעם־צוג.

las'ting *a. and n.* (לעס'-טינג) 1. דוי־ערענד, דויערהאפט; בעשטענדיג; דויער־האפטיגקייט; אויסדויער; 2. לאסטינג [וואלען־אטלאס].
1. The two nations concluded a **lasting** peace.

las'ting-awl *n.* (לעס'-טינג-אהל) אזא שוסטערשער אל מיט א לעבעל ביים שפיץ.

las'tingly *adv.* (לעס'-טינג-לי) אויף א דויערהאפטען אדער בעשטענדיגען אופן; אויף אימער.

las'tingness *n.* (לעס'-טינג-נעס) דויער, דויערהאפטיגקייט.

last judg'ment (לעסט דזשאדזש'-מענט) דער גרויסער יום־הדין.

last'ly *adv.* (לעסט'-לי) צום לעצטענס; סוף; ענדליך.

last'-ma'ker *n.* (לעסט'-מיי'-קער) א לייסטען־מאכער, א קאפול־מאכער.

last night (לעסט נאיט) נעכטען ביי דער נאכט.

last not least (לעסט נאט ליעסט) דער לעצטער אבער ניט דער ערגסטער [אחרון אחרון חביב].

last out (לעסט אוט) אויסדויערען.

last resort' (לעסט רי-זארט') די לעצטע אינסטאנץ, דאס לעצטע מיטעל.
As a **last resort** the convict appealed to the governor for a pardon.

last sleep (לעסט סליעפ) דער טויט־שלאף.

last week (לעסט הוויעק) פאריגע וואך.

Lat. אבקירצונג פון ***Latin*** [לאטיין, לא־טייניש].

lat. אבקירצונג פון ***latitude***

latch *n. and v.* (לעטש) [פון א קליאמקע [פון א טהיר]; א פאסטקע; אזא שטריק־שלייף ביים אונטערשטען זוים פון א זעגעל צו בעפעסטיגען צו איהם אן אנדער זעגעל; פערמאכען אויף א קליאמקע; פערקלעמען, ארייננכאפען אין א פאסטקע; שפריצען, טריפען.

latch'et *n.* (לעטש'-עט) א שיך־בענדעל, א שיך־שנירעל.

latch'ing *n.* (לעטש'-אינג) א שטריקעל־שלייף ביים אונטערשטען זוים פון א זע־געל צו בעפעסטיגען צו איהם אן אנדער זעגעל.

latch'-key *n.* (לעטש'-קיע) אזא פלאכער הויז־שליסעל צו עפענען די טהיר פון דרויסען.

latch'-string *n.* (לעטש'-סטרינג) א שטריקעל מיט וועלכען מען הויבט אויף די קליאמקע פון דער דרויסען־זייט.

late *a. and adv.* (לייט) 1. שפעט; פער־שפעטיגט; לעצט [אין צייט]; וואס איז נור־וואס פאריבער; וואס איז נאהענט צו דער געגענווארט; 2. פערשטארבען; 3. קירצליך, ניט לאנג צוריק.
1. We arrived **late** at the banquet hall.
2. The **late** editor was very much admired.

lateb'ricole *a.* (לע-טעב'-רי-קאהל) וואס לעבט אדער בעהאלט זיך אין לעכער.

lat'ebrous *a.* (לעט'-ע-בראס) פול מיט לעכער און שפאלטען [אלס בעהעלטעניש־פלעצער].

la'ted *a.* (ליי'-טעד) פערשפעטיגט, אי־בערפאלען פון דער נאכט; פערהאלטען שפעט.

lateen' *a.* (לע-טיען') לאטייניש [ווע־גען א געוויסען מין זעגעל אדער זעגעל־שטאנג].

lateen sail און ***lateen yard*** .ז

latee'ner *n.* (לע-טיע'-נער) א שיפעל מיט לאטיינישע זעגלען. ז. ***lateen sail***

lateen' sail (לע-טיען' סייל) א לא־טיינישער זעגעל, א דריי־עקיגער זעגעל [ווערט געברויכט מייסטענס אויף שיפלעך אין מיטעללענדישען ים].

lateen' yard (לע-טיען' יארד) א לאטיי־נישער זעגעל־שטאנג [א לאנגער אויסגע־בויגענער שטאנג, פאר א לאטיינישען אדער דריי־עקיגען זעגעל].
lateen sail .ז

la'tence *n.* (ליי'-טענס) ***latency*** .ז

la'tency *n.* (ליי'-טען-סי) פערבארגענ־הייט, בעהאלטענקייט; אונענטוויקעלטקייט.

late'ness *n.* (לייט'-נעס) שפעטקייט; דאס זיין דאס שפעטסטע, דאס לעצטע אדער דאס נייעסטע.

la'tent *a.* (ליי'-טענט) פערבארגען, בע־האלטען, געהיים; אונענטוויקעלט, ניט ארויסגעבראכט.
Education develops the **latent** powers of the mind.

la'tent ambigu'ity (ליי'-טענט עמ-בי-גיו'-אי-טי) א צווייפעל אין דעם מיין פון א דאקומענט וואס ווערט ניט ארויס־גערופען ביים לייענען דעם דאקומענט, נאר קומט ערשט דעמאלט, ווען עס ווע־רען ענטדעקט געוויסע פאקטען.

la'tent fault (ליי'-טענט פאהלט) א חסרון אין ווארע וואס מען האט פערבאר־גען פון דעם קויפער אדער וואס דער קויפער האט ניט בעמערקט ביים קויפען.

la'tent heat (ליי'-טענט היעט) לאטענ־טע היץ [די אונפיהלבארע אדער פער־בארגענע היץ, וועלכע ווערט פער־ברויכט צו פערוואנדלען אייז פון 0 גראד (צעלזיוס) טעמפעראטור אין וואסער פון 0 גראד אדער וואסער פון 1000 גראד (צעלזיוס) אין דאמפף פון דערזעלבער טעמפעראטור, ד. ה. די היץ, וועלכע פא־דערט זיך צו ענדערען דעם צושטאנד פון די מאלעקולען און צו איבערוועגדען זייער געגענזייטיגע ציהונגס־קראפט און וועל־כע ווערט ניט געפיהלט אלס היץ אין דעם נייעם צושטאנד].

la'tently *adv.* (ליי'-טענט-לי) אויף א פערבארגענעם אדער געהיימען שטיינער; אונענטוויקעלט, ניט ארויסגעבראכט.

la'tent pe'riod of a disease' (ליי'-טענט פי'-רי-אד אוו ע די-זיעז') די צווי־שענצייט צווישען דער אנשטעקונג מיט א קראנקהייט ביז דער צייט, ווען עס בעווייזען זיך די ערשטע סימפטאמען.

la'ter *a. and adv.* (ליי'-טער) שפעטער.

lat'erad *adv.* (לעט'-ע-רעד) צו דער זייט־צו.

lat'eral *a. and n.* (לעט'-ע-רעל) זייטיג, וואס געפינט זיך ביי דער זייט, וואס קומט ארויס פון דער זייט, וואס איז גע־ריכטעט צו דער זייט־צו; אין פיזיק און מעכאניק — וואס בילדעט א גלייכען ווינ־קעל; א זייטיגע אבצווייגונג; עטוואס וואס שטארצט ארויס ביי דער זייט.

lateral'ity *n.* (לעט-ע-רעל'-אי-טי) זייטיגקייט; דאס האבען זייטען.

lat'erally *adv.* (לעט'-ע-רעל-אי) צו דער זייט־צו, ביי דער זייט, פון דער זייט, אויף דער זייט.

Lat'eran *a.* (לעט'-ע-רען) וואס איז שייך צו לאטעראן [א געגענד אין רוים, וואו עס האבען אמאל געוואהנט די פאפ־סטען].

Lat'eran coun'cils (לעט'-ע-רען קאונ'-סילז) די לאטעראן־סינאדען אדער לאטע־ראן־בעראטונגען [עלף בעראטונגען פון פערטרעטער פון דער קאטוילישער קירך,

אבגעהאלטען אין דער לאטעראן-קירך אדער לאטעראן-באזיליקא אין דער לאטעראן-געגענד אין רוים, וואו עס האבען ביז'ן 14טען יאהרהונדערט געוואהנט די פאפ-סטען].

lateri'ceous *a.* (לעט-ע-ריש'-אס) עהנ-ליך צו ציגעל; פון ציגעל-קאליר.

lateri'ceous sed'iment (לעט-ע-ריש'-אס סעד'-אי-מענט) א שטאף, עהנ-ליך צו ציגעל-שטויב, וואס זעצט זיך אב אין אורין [השתנה].

latericum'bent *a.* (לעט-ע-רי-קאמ'-בענט) ליעגענדיג אויף דער זייט.

lateriflec'tion *n.* (לעט-ע-רי-פלעק'-שאן) אן אויסבויגונג אויף דער זייט.

lateriflex'ion *n.* (לעט-ע-רי-פלעק'-שאן) ז. ***lateriflection***

laterifo'lious *a.* (לעט-ע-רי-פאו'-לי-אס) וואס וואקסט אויף דער זייט פון בלאט.

lat'erigrade *a. and n.* (לעט'-ע-רי-גרייד) וואס לויפט אן א זייט אדער זייט-ווערטס [ווי געוויסע שפינען, וועלכע גע-העהן זייטווערטס אדער ריקווערטס און מא-כען ניט קיין שפינוועב-נעץ, נאר מאכען זיך א נעסט פון בלעטער, וועלכע זיי גע-העהן צוזאמען]; אזא שפין.

lat'erinerved *a.* (לעט'-ע-רי-נורווד) וואס האבען זייטען-אדערלעך [וועגען פלאנצען-בלעטער].

lat'erite *n.* (לעט'-ע-ראיט) אזא רויטער זאמד-שטיין [אין אינדיען און אין די זיד-וועסט טיילען פון אזיען].

laterit'ic *a.* (לעט-ע-ריט'-איק) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון אזא מין רויטען זאמד-שטיין. ז. ***laterite***

lateri'tious *a.* (לעט-ע-ריש'-אס) ז. ***latericeous***

lateroflec'tion *n.* (לעט-ע-רא-פלעק'-שאן) ז. ***lateriflection***

lateroflex'ion *n.* (לעט-ע-רא-פלעק'-שאן) ז. ***lateriflection***

la'ter on (ליי'-טער אן) שפעטער, שפע-טער-צו; נאכדעם.

This matter can be taken up later on.

lates'cence *n.* (לע-טעס'-ענס) פערטונ-קעלטקייט, אונקלארקייט, אונדייטליכקייט.

lates'cent *a.* (לע-טעס'-ענט) אונדייט-ליך, אונקלאר, פערטונקעלט.

la'test *a. and adv.* (ליי'-טעסט) וואס איז אם שפעטסטען; וואס קומט צום לעצט; וואס איז דאס נייעסטע; וואס איז פון די נאר פריהע צייטען; אם שפעט-סטען, שפעטסטענס.

la'tex *n.* (ליי'-טעקס) א מילך-עהנליכע פליסיגקייט אין פערטיעפונגען פון אייניגע פלאנצען.

lath *n. and v.* (לעטה) [אזא] א לאטע [אזא דינער פיערקאנטיגער הילצערנער שטאנג]; בעדעקען מיט לאטעס אדער מאכען פון לאטעס.

lath and plas'ter (לעטה ענד פלעס'-טער) א וואנד-פלעכע וואס איז בעשלאגען מיט לאטעס און בעדעקט מיט פלאסטער; א דינע וואנד וואס בעשטעהט פון לאטעס און פלאסטער.

lath'-back *n.* (לעטה'-בעק) א הויכער, דארער מענש [ווי א לאטע].

lath'-brick *n.* (לעטה'-בריק) א מין ציי-געל, 22 צאל לאנג און 6 צאל ברייט, וואס ווערט בענוצט צו טריקענען מאלץ.

lath'-coop *n.* (לעטה'-קופ) ז. ***lath-pot***

lath'-cut'ter *n.* (לעטה'-קאט'-ער) א מאשין צו שניידען לאטעס [פון האלץ].

lathe *n.* (לייטה) א מאקער-מאשין; א דרעה-באנק.



Lathe.

lath'er *n. and v.* (לעטה'-ער) זייף-שוים, מולענעס; געדיכטער שווייס [פון א פערד]; אן ארבייטער וואס שלאגט צו לאטעס; מאכען מולענעס, פערוואנדלען אין מולענעס, בעדעקען מיט מולענעס אדער ווי מיט מולענעס [ווי א פערשוויצט פערד]; שמייסען.

lath'ery *a.* (לעטה'-ער-אי) זייפיג, בע-דעקט מיט מולענעס.

lath'ing *n.* (לעטה'-אינג) א פונדאמענט פון לאטעס פאר א וואנד אדער פאר א סטעליע.

lath'-mill *n.* (לעטה'-מיל) א זעג-מיהל צו זעגען לאטעס.

lath'-pot *n.* (לעטה'-פאט) א פערצאמונג פון לאטעס צו כאפען פיש.

lath'work *n.* (לעטה'-הוואירק) נעץ-אר-בייט [ווי געמאכט פון לאטעס].

lath'y *a.* (לעטה'-אי) דין און לאנג [ווי א לאטע אדער שטאנג].

latib'ulize *v.* (לע-טיב'-יו-לאיז) אי-בערווינטערען, איבערשלאפען דעם ווינ-טער, ליעגען בעהאלטען אין א נארע [וועגען חיות].

latib'ulum *n.* (לע-טיב'-יו-לאם) א בעהעלטעניש; א ווינטער-נארע [וואו חיות שלאפען איבער דעם ווינטער].

lat'iclave *n.* (לעט'-אי-קלייוו) א לא-טיקלאוו [א טוניקע אדער ברייטער מאנ-טעל מיט איינעם אדער צוויי פורפור-שטרייפען, וואס עס פלעגען טראגען די פארצייטיגע רוימישע סענאטארען]; די פורפור-שטרייפען אין דעם מאנטעל פון די פארצייטיגע רוימישע סענאטארען.

latifo'liate *a.* (לעט-אי-פאו'-לי-אייט) ברייט-בלעטערדיג.

latifo'lious *a.* (לעט-אי-פאו'-לי-אס) ברייט-בלעטערדיג.

Lat'in *a. and n.* (לעט'-אין) וואס איז שייך צו לאציום [א געגענד אין איטא-ליען, אין וועלכער עס געפינט זיך רוים]; לאטייניש; אלט-רוימיש; לאטיין, די לא-טיינישע שפראך; א מיטגליעד פון דער פארצייטיגער ראסע וואס האט בעוואהנט לאציום.

Lat'in Church (לעט'-אין טשוירטש) די רוימיש-קאטוילישע קירך.

Lat'iner *n.* (לעט'-אינ-ער) ז. ***Latinist***

Latinisa'tion *n.* (לעט-אינ-אי-זיי'-שאן) ז. ***Latinization***

Lat'inise *v.* (לעט'-אינ-איז) ז. ***Latinize***

Lat'inism *n.* (לעט'-אינ-איזם) א לאטי-ניזם, א לאטייניש שפראך-פארם; דער געברויך פון לאטייניש שפראך-פארמען.

Lat'inist *n.* (לעט'-אינ-איסט) א לא-טיניסט, א קענער פון לאטיין.

Latin'ity *n.* (לע-טינ'-אי-טי) לאטיני-טעט, די ארט ריידען אדער שרייבען לא-טיין; לאטיינישע שפראך-פארם.

Latiniza'tion *n.* (לעט-אינ-אי-זיי'-שאן) דאס איבערזעצען אין לאטייניש; געברויך פון לאטיינישע שפראך-פארמען אדער פון לאטיינישע ווערטער.

Lat'inize *v.* (לעט'-אינ-איז) איבערזעצען אין לאטייניש; געברויכען לאטיינישע שפראך-פארמען אדער לאטיינישע ווער-טער.

latipen'nate *a.* (לעט-אי-פענ'-אייט) ברייט-פליגעלדיג [וועגען פויגלען].

latipen'nine *a.* (לעט-אי-פענ'-אין) ז. ***latipennate***

latiros'tral *a.* (לעט-אי-ראס'-טרעל) ברייט-שנאבעלדיג.

latiros'trate *a.* (לעט-אי-ראס'-טרייט) ז. ***latirostral***

la'tish *a.* (ליי'-טיש) שפעטליך.

latis'simus *n.* (לע-טיס'-אי-מאס) דער ברייטסטער מוסקעל אויף'ן רוקען.

latister'nal *a.* (לעט-אי-סטויר'-נעל) וואס האט א ברייטע פלאכע ברוסט.

lat'itant *a.* (לעט'-אי-טענט) פערבאר-גען, פערשטעקט; ווינטערענדיג אין נא-רעס [וועגען חיות].

lat'itat *n.* (לעט'-אי-טעט) אן אויפפאדע-רונג צו ערשיינען פאר'ן געריכט צו איי-נעם, וועמען מען האט פערדעכטיגט, אז ער בעהאלט זיך [אמאל אין ענגלאנד].

latita'tion *n.* (לעט-אי-טיי'-שאן) דאס זיין פערבארגען, דאס ליעגען בעהאלטען.

lat'itude *n.* (לעט'-אי-טיוד) ברייטקייט, ווייטקייט, רוים [שטח], אויסדעהנונג; אונבעשרענקטקייט, פרייהייט; די ברייט-קייט פון דעם ערד-קוגעל [געמאסטען פון עקוואטאר צו די פאלען].

latitu'dinal *a.* (לעט-אי-טיו'-די-נעל) וואס געהערט צו דער ברייט פון דער ערד. ז. ***latitude***

latitudina'rian *a. and n.* (לעט-אי-טיו-די-ניי'-רי-ען) אונגעבונדען, פריי, פרייזיניג, ראציאנאליסטיש; א פרייזיניגער, א ראציאנאליסט, איינער וואס איז ניט קיין מקפיד [אין מאראל, רעליגיאן א. ז. וו.].

He is a latitudinarian in matters of religious observances.

latitudina'rianism *n.* (לעט-אי-טיו-די-ניי'-רי-ען-איזם) פרייזיניגקייט, גלייכ-גילטיגקייט צו אנגענומענע פארמען און כללים; דאס זיין ניט קיין מקפיד [אין מאראל, רעליגיאן א. ז. וו.]. ז. ***latitudinarian***

latitu'dinous *a.* (לעט-אי-טיו'-די-נאס) זעהר ברייט; אויסגעדעהנט.

la'trant *a.* (ליי'-טרענט) בילענד; יא-מערענד.

latri'a *n.* (לע-טראי'-א) די פערעהרונג פון אן איינציגען גאט [אמונה באל יחיד]; ביי די קאטויליקען — די העכ-סטע פארם פון גאטעס-דיענסט בלויז צו גאט [אין געגענזאץ צו דער פערעהרונג פון הייליגע, מלאכים א. ז. וו.].

latrine' *n.* (לע-טריען') אן אבטריט, א בית הכסא.

latteen' *a.* (לע-טיען') ז. ***lateen***

lat'ten *n.* (לעט'-ען) בלעך, מעש-בלעך, לאטון.

lat'ten-brass *n.* (לעט'-ען-ברעס) מעש-בלעך.

lat'tener *n.* (לעט'-ענ-ער) א בלעך־ארבייטער.

lat'ten-i'ron *n.* (לעט'-ענ-אי'-ערן) אייזען־בלעך.

lat'ter *a.* (לעט'-ער) לעצט, ניי; וואס קומט נאכדעם אדער שפעטער; וואס ווערט דערמאנט דער לעצטער.

I made two statements. The former I can vouch for. For the latter I shall not assume personal responsibility.

lat'ter-day *a.* (לעט'-ער-דיי) וואס בע־לאנגט צו די שפעטערע אדער נייערע צייטען.

Latter-day novelists are emphasizing social problems in their writings.

Lat'ter-day Saints (לעט'-ער-דיי סיינטס) די הייליגע פון דעם לעצטען טאג [די מארמאנען]. ז. *Mormon*

lat'terly *adv.* (לעט'-ער-לי) אין היינטיגע צייטען, ניט לאנג צוריק.

lat'termath *n.* (לעט'-ער-מעטה) שפעט־היי, הערבסט־היי [דאס גראז וואס וואקסט נאך דעם ערשטען אבשניידען].

lat'tice *n. and v.* (לעט'-איס) א רע־שאטקע, א נעץ־ווערק; פערזארגען מיט א רעשאטקע; מאכען ענליך צו א נעץ־ווערק.



Lattice

lat'tice-blind *n.* (לעט'-איס-בלאינד) א פענסטער־פארהאנג פון נעץ־ווערק.

lat'tice-bridge *n.* (לעט'-איס-ברידזש) א בריק וואס איז געמאכט ווי א נעץ־ווערק.

lat'ticed *a.* (לעט'-איסט) געמאכט ווי א רעשאטקע אדער ווי א נעץ.

lat'ticeleaf *n.* (לעט'-איס-ליעף) ז. *lattice-plant*

lat'tice-plant *n.* (לעט'-איס-פלענט) די מאדאגאסקארער וואסער־פלאנצע.



Lattice-plant

lat'tice-stitch *n.* (לעט'-איס-סטיטש) א נעץ־ווערק שטאך [ביים אויסנעהען, שטעך וואו די פעדים קרייצען זיך אי־בער].

lat'tice-win'dow *n.* (לעט'-איס-ווינ'-דאו) א פענסטער וואס איז געמאכט ווי א רעשאטקע.

lat'ticework *n.* (לעט'-איס-הווארק) א רעשאטקע, נעץ־ווערק; נעץ־ווערק שטעך [ביים אויסנעהען].

laud *n. and v.* (לאהד) א לויב, א שבח; שטארק לויבען, ריהמען.

laudabil'ity *n.* (לאה-דע-ביל'-אי-טי) לויבענסווירדיגקייט.

lau'dable *a.* (לאה'-דעבל) לויבענס־ווערטה, לויבליך; אין מעדיצין — גע־זונד, נאטירליך.

lau'dableness *n.* (לאה'-דעבל-נעס) לויבענסווירדיגקייט.

lau'dably *adv.* (לאה'-דע-בלי) אויף א לויבענסווערטהע אופן.

lau'danum *n.* (לאה'-דע-נאם) אפיום־עקסטראקט; לאדאנום. ז. *ladanum*

lauda'tion *n.* (לאה-דיי'-שאן) דאס לויבען אין הימעל אריין.

lau'dative *a. and n.* (לאה'-דע-טיוו) לויבענד, ריהמענד; א לויב־געזאנג, א שבח.

lauda'tor *n.* (לאה-דיי'-טאר) איינער וואס לויבט.

lau'datory *a.* (לאה'-דע-טא-רי) לוי־בענד, ריהמענד; וואס דריקט אויס אדער ענטהאלט לויב.

lau'datories *n.* (לאה'-דע-טא-ריז) דאס וואס ענטהאלט אדער דריקט אויס א שבח.

lau'der *n.* (לאה'-דער) איינער וואס לויבט.

lauds *n.* (לאהדז) דאס מארגען־געבעט, די פריה־מעסע [ביי קריסטען].

laugh *v. and n.* (לאף) לאכען; אויס־לאכען; געלעכטער.

lau'ghable *a.* (לא'-פעבל) לעכערליך; וואס רופט ארויס געלעכטער.

lau'ghableness *n.* (לא'-פעבל-נעס) לעכערליכקייט.

lau'ghably *adv.* (לא'-פע-בלי) אויף א לעכערליכען שטייגער.

laugh at a feath'er (לאף עט ע פעטה'-ער) לאכען איבער יעדער קליי־ניגקייט.

laugh away' (לאף ע-הוויי') אוועקטריי־בען דורך געלעכטער, אוועקלאכען.

laugh down (לאף דאון) אין גאנצען אויסלאכען.

lau'gher *n.* (לא'-פער) א לאכער; אן אבשפאטער; די לאף־טויב [אזא טויב. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם וואס זי גיט ארויס קלאנגען ענליך צו א גע־לעכטער].

lau'ghing *n. and a.* (לא'-פינג) גע־לעכטער, שפאט; לאכענד, אויסלאכענד.

lau'ghing-dove *n.* (לא'-פינג-דאוו) די רינגעלטויב.

lau'ghing-gas *n.* (לא'-פינג-געס) לאף־גאז אדער שטיק־אקסידול [דיעזער גאז מאכט לוסטיג און מונטער איידער ער בעטויבט און מאכט בעוואוסטלאז, ווערט געברויכט ביי קליינע אפעראציעס].

lau'ghing-goose *n.* (לא'-פינג-גוהס) אזא ווייס־ברוסטיגע גאנז, ביי וועלכער דער שנאבעל איז געבויט אזוי אז עס מאכט דעם איינדרוק ווי די גאנז וואלט געלאכט.

lau'ghing-hye'na *n.* (לא'-פינג-האי-איע'-נא) די לאכענדע היענע, די געפלעק־טע היענע. ז. *hyena*

lau'ghing-jack'ass *n.* (לא'-פינג-דזשעק'-עס) דער גרויסער אויסטראלישער אייזפויגעל. ז. *kingfisher*

lau'ghingly *adv.* (לא'-פינג-לי) מיט געלעכטער.

lau'ghing-mat'ter *n.* (לא'-פינג-מעט'-ער) עטוואס וואס רופט ארויס גע־לעכטער.

lau'ghing-mus'cle *n.* (לא'-פינג-מאסל) דער לאף־מוסקעל [דער מוסקעל וואס בעוועגט די ווינקלען פון דעם מויל].

lau'ghing-stock *n.* (לא'-פינג-סטאק) איינער אדער עטוואס איבער וועמען אדער איבער וואס מען מאכט זיך לוס־טיג; א קהל'שער נאר.

I am no fool. Don't make a **laughing-stock** out of me.

laugh in one's sleeve (לאף אין הוואנז סליעוו) לאכען בשתיקה.

laugh it off (לאף איט אף) נעהמען עפעס לייכט, אננעהמען מיט א געלעכ־טער, פארבייגעהן עפעס מיט א געלעכ־טער.

laugh one out (לאף הוואן אוט) אריבערלאכען, לאכען מעהר אדער העכער פון אן אנדערען.

laugh out of a mood (לאף אוט אוו ע מוהד) פערטרייבען אימעצענס מע־לאנכאליע דורך געלעכטער.

laugh outright' (לאף אוט-ראיט') לא־כען מיט'ן פולען מויל.

laugh'ter *n.* (לאפ'-טער) געלעכטער.

laugh'terless *a.* (לאפ'-טער-לעס) וואס לאכט ניט; אהן געלעכטער.

laugh'ter-lif'ter *n.* (לאפ'-טער-ליפ'-טער) א שפאס־מאכער.

laugh to scorn (לאף טו סקאהרן) מאכען צו שפאט.

lauk *int.* (לאהק) ז. *lawk*

launch *v. and n.* (לאנטש) ווארפען, שליידערען; ארויסלאזען, אריינברייננגען; ארייננטרעטען; זיך אריינלאזען אין עפעס; דאס ארבלאזען א שיף אין וואסער; א בארקאסע [דאס גרעסטע באאט אדער שיפעל אויף א קריעגס־שיף].

laun'ching-tube *n.* (לאנ'-טשינג-טיוב) א מעטאלענע רעהר אויף א טאר־פעדא־שיפעל אדער אויף אנדערע קריעגס־שיפען, דורך וועלכער מען שיסט ארויס טארפעדאס.

laun'ching-ways *n.* (לאנ'-טשינג-הוויז) די האלץ־פארריכטונגען, מיט וועלכע מען בענוצט זיך ביים ארבלא־זען א ניי־געבויטע שיף אין וואסער.

launch on the world (לאנטש אן טהי הווארלד) ארויסשיקען אויף דער וועלט, שטעלען אויף די אייגענע פיס, מאכען זעלבסטשטענדיג.

launch out (לאנטש אוט) זיך פערברייטערען ווענען עפעס; ארייננטרעטען; זיך צופיעל אריינלאזען אין עפעס.

The lecturer **launched out** into a lengthy discussion of his theme.

launch'ways *n.* (לאנטש'-הוויז) ז. *launching-ways*

laun'der *n. and v.* (לאנ'-דער) א ווע־שער; א וועשעריו, א וואש־פרוי; א וואש־רעהר; וואשען [און פרעסען].

laun'derer *n.* (לאנ'-דער-ער) א ווע־שער; א וועשעריו, א וואש־פרוי.

laun'dress *n.* (לאנ'-דרעס) א וואש־פרוי, א וועשעריו.

laun'dry *n. and v.* (לאנ'-דרי) א וואש־הויז, א וואש־צימער; וואשען [און פרעסען].

laun'dry blue (לאנ'-דרי בלו) אינ־דיגא־בלויע פארב; סינקע [בלויע פארב געברויכט ביים וואשען].

laun'dry-maid *n.* (לאנ'-דרי-מייד) א וואש־פרוי, אן ארבייטערין אין א וואש־הויז.

laun'dryman *n.* (לאנ'-דרי-מען) א וועשער, אן ארבייטער אין א וואש־הויז, א בעל־הבית פון א וואש־הויז.

lau'reate *a., v. and n.* (לאה'-רי-אייט) בעקרוינט מיט א לארבער־קראנץ; קרוי־נען מיט א לארבער־קראנץ; א בעקרוינ־טער מיט א לארבער־קראנץ; א פאעט וואס איז בעקרוינט מיט א לארבער־קראנץ; א הויף־דיכטער.

lau'reateship *n.* (לאה'-רי-אייט-שיפ) די ווירדע אדער אמט פון א הויף־דיכטער.

laurea'tion *n.* (לאה-רי-איי'-שאן) די קרוינונג מיט א לארבער־קראנץ.

lau'rel *n.* (לאה'-רעל) א לארבער־בוים; א לארבער־קראנץ; רוהם, עהרע; וואס איז שייך צו אדער וואס איז פון לארבערע.

Laurel

lau'reled *a.* (לאה'-רעלד) ז. *laurelled*

lau'relled *a.* (לאה'-רעלד) בעקרוינט מיט א לארבער־קראנץ.

lau'rel-tree *n.* (לאה'-רעל-טריע) דער לארבער־בוים.

lau'rel-wa'ter *n.* (לאה'-רעל-הוואה'-טער) לארבער־וואסער [א מעדיצין געמאכט פון די בלעטער פון לארבער־קארש־בוים].

lau'rel wreath (לאה'-רעל ריעטה) א לארבער־קראנץ.

lau'restine *n.* (לאה'-רעס-טין) ז. *laurustine*

laurif'erous *a.* (לאה-ריפ'-ע-ראס) וואס ברייננט ארוים לארבערען.

lau'rine *a.* (לאה'-רין) וואס איז פון לארבערען.

lau'rustine *n.* (לאה'-ראס-טין) דער לאורוסטין [א געוויסער גארטען־בוים וואס בלייבט אימער גרין].

laurusti'nus *n.* (לאה-ראס-טאי'-נאס) ז. *laurustine*

lau'wine *n.* (לאה'-הווין) ז. *avalanche*

la'va *n.* (לא'-ווא) לאווא [געשמאלצענער שטיין וואס ווערט ארויסגעווארפען פון א פייער־שפייענדען בארג].



Lava

la'va-field *n.* (לא'-ווא-פיעלד) א שטיק פלאץ וואס איז בעדעקט מיט לאווא [געשמאלצענער שטיין וואס ווערט ארויסגעווארפען פון א פייער־שפייענדען בארג].

la'vage *n.* (ליי'-ווערזש) שווייינקונג, ריי־ניגונג, וואשונג; אין מעדיצין — מאגען־שווייינקונג, מאגען־וואשונג.

la'va-lake *n.* (לא'-ווא-לייק) א לאווא־אזיערא [א גרויסע מאסע צושמאלצענע לאווא אין דעם קראטער אדער עפנונג פון א פייער־שפייענדען בארג].

lav'aret *n.* (לעוו'-ע-רעט) דער מאי־פיש [אזא ווייסער פיש וועלכער געפינט זיך אין די אזיערעס פון דער שווייץ, דייטשלאנד און שוועדען].

la'va-stream *n.* (לא'-ווא-סטריעם) א שטראם פון לאווא.

lavat'ic *a.* (לא-וועט'-איק) וואס בעשטעהט פון אדער וואס איז עהנליך צו לאווא.

lava'tion *n.* (לע-וויי'-שאן) א וואשונג אדער רייניגונג.

lavato'rial *a.* (לעוו-ע-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א וואשונג.

lav'atory *a.* and *n.* (לעוו'-ע-טא-רי) וואשענדיג; א וואש־פלאץ, א וואש־צימער; א וואש־בעקען [ווי עס ווערט איינגעריכטעט אין א טואלעט־צימער]; אן אבוואשונג; א וואש־מיטעל אויסצואוואשען וואונדען; אזא שטיינערן טהרה־ברעט, אויף וועלכען מען פלעגט אין מיטעלאלטער אבוואשען א טויטען פאר דער קבורה; א טהרה־ברעט; די צערעמאניע פון וואשען די הענד פון ·דעם פריסטער ביים הייליגען אבענדמאל.

lave *v.* (לייוו) וואשען, בארען; זיך וואשען, זיך בארען; פליסען, ארארבריי־נען; טרינקען, שלוקען, איינזוויגען אין זיך; אויסגיסען; אויסשעפען; גיבען אדער בעשענקען אין איבערפלוס אדער מיט דער פולער האנד.

lav'ender *n.* and *a.* (לעוו'-ען-דער) די לאווענדעל [אזא ארמאטישע פלאנצע מיט בליהונג פון א בלאסען לילא־קאליר, וועלכע ווערט בענוצט אין מאכען פארפיומען]; דער קאליר פון לאווענדעל־בלומען [בלאס־לילא]; פון א בלאסען לילא־קאליר. ז. איל. *"Colors"*

lav'ender-oil *n.* (לעוו'-ען-דער-איל) לאווענדעל־אויל [אן ארמאטישער אויל וואס מען בעקומט פון לאווענדעל־בלומען].

lav'ender-thrift *n.* (לעוו'-ען-דער-טהריפט) די שטראנד־נעלקע אדער ים־לאווענדעל [אזא בלומען־פלאנצע וואס וואקסט ביים ים].

lav'ender-wa'ter *n.* (לעוו'-ען-דער-הוואה'-טער) לאווענדעל־וואסער [פארפיום געמאכט פון לאווענדעל־בלומען און ספירימוס].

lav'entine *n.* (לעוו'-ען-טין) אזא זארט דינער זייד וואס ווערט בעזאנדערס בענוצט אלס פוטער פאר ארבעל.

la'ver *n.* (ליי'-ווער) א וואש־בעקען; א וואש־שיסעל; די באכבוננע [אזא וואסער־פלאנצע, וועלכע ווערט בענוצט אלס שפייז].

la'vic *a.* (לא'-וויק) ז *lavatic*

lav'ish *a.* and *v.* (לעוו'-איש) 1. פערשווענדעריש, אויסברייננעריש; ניט איינגעהאלטען, ווילד, אויסגעלאזען; פערשווענדען, אויסברייננען; 2. געבען איבער דער מאס, רייכליך בעשענקען.

1. The United States government is very lavish in expenditures. 2. The bride was lavished with gifts.

lav'isher *n.* (לעוו'-איש-ער) א פערשווענדער, אן אויסברייננער.

lav'ishly *adv.* (לעוו'-איש-לי) אויף א פערשווענדערישען אופן; פערשווענדעריש, אויסברייננעריש.

lav'ishment *n.* (לעוו'-איש-מענט) פערשווענדונג.

lav'ishness *n.* (לעוו'-איש-נעס) דאס זיין פערשווענדעריש; פערשווענדונג.

lavolt' *n.* (לע-וואלט') ז. *lavolta*

lavol'ta *n.* (לע-וואל'-טע) דער לעוואל־טא־טאנץ [אן אלטער טאנץ עהנליך צו א וואלס אדער פאלקא].

law *n.* and *v.* (לאה) א געזעץ; די סיסטעם פון געזעצען וואס ווערט בענוצט אין געריכט; א געזעצען־סיסטעם; א רעכט; א פראצעס; רעכטס־וויסענשאפט, יוריספרו־דענץ; דאס אלטע טעסטאמענט, תורת משה; זיך פראצעסירען, זיך משפט'ען; מאכען געזעצען, רעגולירען דורך געזעצען.

law'-abi'ding *a.* (לאה'-ע-באי'-דינג) געזעץ־ליעבענד, פריעדליך.

A law-abiding citizenship is the foundation of our republic.

law'-bin'ding *n.* (לאה'-באינ'-דינג) אן איינבונד פון א בוך אין ברוינעם קאלב אדער שעפסען־לעדער.

law'-blank *n.* (לאה'-בלענק) א בלאנק פון א געזעצליכען דאקומענט [א געדרוקטע פארם מיט לעדיגע שורות אויסצופילען].

law'-book *n.* (לאה'-בוק) א געזעץ־בוך; א טעקסט־בוך צו שטודירען געזעצע; א בוך מיט פראטאקאלען פון געריכטליכע פראצעסען.

law'breaker *n.* (לאה'-בריי-קער) א געזעץ־ברעכער [איינער וואס איז עובר אויף א געזעץ].

law'-calf *n.* (לאה'-קאהף) ז. *law-binding*

law'-day *n.* (לאה'-דיי) א געריכטס־טאג [א טאג ווען די געריכטס־אנשטאלטען זיינען אפען].

law'ful *a.* (לאה'-פול) געזעצליך.

law'fully *adv.* (לאה'-פול-אי) אויף א געזעצליכען אופן; געזעצליך; אין איינקלאנג מיט דעם געזעץ.

law'fulness *n.* (לאה'-פול-נעס) געזעצליכקיים.

law'giver *n.* (לאה'-גיוו-ער) א געזעץ־געבער.

law'giving *a.* (לאה'-גיוו-אינג) געזעץ־געבענד; וואס מאכט געזעצען.

law'ing *n.* (לאה'-אינג) דאס פראצעסירען אדער משפט'ען זיך.

lawk *int.* (לאהק) גרויסער גאט! מיין גאט! [א פערוואונדערונגס־אויסגעשריי].

lawks *int.* (לאהקס) ז. *lawk*

law lan'guage (לאה לענ'-גהווערזש) די יורידישע שפראך [די טעכנישע ווערטער אדער אויסדריקע וואס ווערען געברויכט אין יורידישע דאקומענטען אדער שריפטען].

law Lat'in (לאה לעט'-אין) די לאטיי־נישע אויסדריקע געמישט מיט אלט־פראנ־צויזישע און ענגלישע ווערטער, וועלכע ווערען געברויכט אין יורידישע דאקומענטען און שריפטען.

law'less *a.* (לאה'-לעס) אונגעזעצליך; געזעצלאז; געגען געזעץ; אונקאנטראליר־באר; ניט נארמאל.

The lawless elements of the city are held in check with difficulty.

law'lessly *adv.* (לאה'-לעס-לי) געגען געזעץ; אויף אן אונגעזעצליכען אופן.

law'lessness *n.* (לאה'-לעס-נעס) געזעצלאזיגקייט.

law'-list *n.* (לאה'-ליסט) א יעהרליכע אפיציעלע אויסגאבע אין ענגלאנד, וועלי־

כע ענטהאלט ידיעות וועגען די געריכטסאנשטאלטען, ריכטער, אדוואקאטען א. ז. וו.

law'-lord *n.* (לאה'-לארד) א פּער אין ענגלישען פּארלאמענט פון א הויכען ריכטערליכען אמט אדער וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אלס יוריסט.

law'maker *n.* (לאה'-מיי-קער) ז. *lawgiver*.

law mer'chant (לאה מויר'-טשענט) האנדעלס-רעכט [די פּרינציפּען און כללים וועלכע האבען זיך אויסגעבילדעט אין די בעציהונגען צווישען קויפלייט און וועלכע זיינען שפּעטער פעסטגעשטעלט געווארען אלס געזעצען].

law'monger *n.* (לאה'-מאנ-גער) אן אדוואקאטעל, א כּאראטאי.

lawn *n.* *and* *v.* (לאהן) א גראז-פּלאץ, א לאנקע [בעזאנדערס ביי א הויז]; שלייער-לייווענט [א מין דינער לינעןשטאף]; באטיסט; געמאכט פון שלייערלייווענט.

lawn'-grass *n.* (לאהנ'-גרעס) גראז וואס וואקסט אויף א לאנקע; גראז וואס ווערט געזייהט צו בילדען א לאנקע.

lawn'-mow'er *n.* (לאהנ'-מאו'-ער) א מאשין אבצושניידען גראז פון א לאנקע.



Lawn-mower

lawn'-par'ty *n.* (לאהנ'-פּאר'-טי) אן אויספלוג, א פּיקניק אונטער'ן פרייען הימעל [אויף א לאנקע פאר'ן הויז].

lawn'-sprink'ler *n.* (לאהנ'-ספּרינק'-לער) אזא וואסער-שפּריצער צו בעשפּריצען א לאנקע.

lawn'-ten'nis *n.* (לאהנ'-טענ'-איס) לאהן-טעניס, אזא שפּיעל אין פּילקעס וועלכע ווערען געווארפען מיט א ראקעט אדער שלאג-נעץ [אזא לאפּעטקע אויסגעפלאכטען ווי א נעץ]. ווערט געשפּיעלט אויף א לאנקע אדער אזוי אויף א פרייען און גלאטען פּלאץ.

law'ny *a.* (לאה'-ני) געמאכט פון שלייער-לייווענט אדער פון באטיסט; וואס האט א לאנקע; עהנליך צו א לאנקע; בעוואקסען מיט געדיכטען גראז ווי א לאנקע.

law of ac'tion and reac'tion (לאה אוו עק'-שאן ענד רי-עק'-שאן) דאס געזעץ וועגען ווירקונג און געגענווירקונג [דאס פיזיקאלישע געזעץ וואס בעהויפּטעט, אז פאר יעדע ווירקונג אדער קראפט עקזיסטירט אימער א גלייכע געגענווירקונג אדער געגענקראפט פון א געגענגעזעצטער ריכטונג. צ. ב., ווען מען דריקט א שטיין מיט'ן פינגער, ווערט דער פינגער געדריקט פון שטיין אין א געגענגעזעצטער ריכטונג מיט דערזעלביגער קראפט וואס דער שטיין ווערט געדריקט פון פינגער].

law of causa'tion (לאה אוו קאה-זיי'-שאן) דאס קאוזאליטעטס-געזעץ [דער פּרינציפּ, אז יעדע ערשיינונג איז א רעזולטאט פון א פריהערדיגער ערשיינונג, וועלכע האט זי פעראורזאכט].

law of demand' and supply' (לאה אוו די-מענד' ענד סא-פּלאי') אין פּאליטישער עקאנאמיע — דאס געזעץ פון נאכפראגע און אנבאט [דאס געזעץ, אז ווען די נאכפראגע אויף א געוויסער סחורה איז געשטיגען אדער די נאכפראגע איז געבליבען דיעזעלבע, נאר דער אנבאט איז געפאלען — דאן שטייגט דער פרייז פון דער סחורה; פערקעהרט, ווען דער אנבאט איז געשטיגען אדער דער אנבאט איז געבליבען דערזעלביגער, נאר די נאכפראגע איז געפאלען — דאן פאלט דער פרייז פון דער סחורה].

law'-of'ficer *n.* (לאה'-אפ'-אי-סער) א געריכטס-בעאמטער.

law of mortal'ity (לאה אוו מאר-טעל'-אי-טי) דאס שטערבליכקייטס-געזעץ [די פאראויסרעכנונג דורך סטאטיסטיק, ווי גרויס עס איז די דורכשניטליכע שטערבליכקייט צווישען פערשיעדענע עלטערס גרופּען, צי פון 1000 צי פון 100,000, אין פערלויף פון א יאהר].

law of na'tions (לאה אוו ניי'-שאנז) פעלקער-רעכט, אינטערנאציאנאלעס רעכט. ז. *international law*.

law of na'ture (לאה אוו ניי'-טשור) דאס נאטור-געזעץ, דאס געזעץ פון לעבען.

laws of hon'or (לאהז אוו אנ'-אר) עהרען-רעכט [די אנגענומענע רעגלען וועגען פערטיידיגען די עהרע, בעזאנדערס וועגען די רעגלען פון א דועל].

laws of mo'tion (לאהז אוו מאו'-שאן) די געזעצען פון בעוועגונג [די דריי געזעצען פון ניוטאן וועגען דער בעוועגונג פון קערפּער. דאס ערשטע געזעץ איז: יעדער קערפּער בלייבט אין זיין רוהעזושטאנד אדער אין א גלייכפערמיגער בעוועגונג אין א גראדער ליניע, אויסער ווען אן אויסערליכע קראפט צווינגט איהם צו ענדערען זיין זושטאנד אדער ריכטונג. דאס צווייטע געזעץ איז: די ענדערונג אין דער בעוועגונג פון א קערפּער איז פּראפּארציאנעל צו דער קראפט וואס ווערט דערצו אנגעווענדעט און איהר ריכטונג איז אין א גראדער ליניע, אין וועלכער די קראפט ווירקט. דאס דריטע געזעץ איז: געגען יעדער ווירקונג ווירקט אימער א גלייכע געגענווירקונג].

law'-sta'tioner *n.* (לאה'-סטיי'-שאנ-ער) א הענדלער פון שרייב-מאטעריאלען פאר אדוואקאטען.

law'suit *n.* (לאה'-סיוט) א פּראצעס, א משפּט.

law'term *n.* (לאה'-טוירם) א יורידישער אויסדרוק.

law'-wri'ter *n.* (לאה'-ראי'-טער) א שרייבער פון יורידישע ביכער; אן איבערשרייבער פון יורידישע דאקומענטען.

law'yer *n.* (לאה'-יער) א יוריסט, אן אדוואקאט; א געזעץ-קענער; אן אויסטייטשער אדער א מפורש פון תורת משה.

law'yerly *a.* (לאה'-יער-לי) יורידיש; ווי אן אדוואקאט.

lax *a.* (לעקס) שלאף, שוואך, לויז; לויזיג; אבגעלאזען.

As a teacher he was noted for his lax discipline in the classroom.

lax'ative *a.* *and* *n.* (לעק'-סע-טיוו) אבפיהרענד, וואס מאכט לאקסירען; אן אבפיהרונגס-מיטעל, א לאקסיר-מיטעל.

lax'ativeness *n.* (לעק'-סע-טיוו-נעס) די אייגענשאפט צו מאכען לאקסירען.

lax'ity *n.* (לעק'-סי-טי) לויזקייט, שוואכקייט, לויזלייביגקייט.

lax'ly *adv.* (לעקס'-לי) שלאפליך, לויזליך, צוקראכען; ניט פּינקטליך, ניט אקוראט.

lax'ness *n.* (לעקס'-נעס) ז. *laxity*.

lay *v.* (ליי) געלעגען. ז. *lie*.

He lay in bed all day yesterday.

lay *v., n.* *and* *a.* (ליי) אוועקלעגען; ארויפלעגען; אריבערלעגען; אויסלעגען; בעדעקען, איבערדעקען; אנידערלעגען, אנידערווארפען; נעהמען א ריכטונג, ריכטען; איינלעגען אין א וועט; וועטען; לעגען [אייער]; דעקען [צום טיש], צורעכט מאכען, איינריכטען; אויסטראכטען; פּלאנעווען; ליעגען; די לאגע; א פאך, א בעשעפטיגונג; א געוויסע קוואנטיטעט פון פאדים; פּראפיט, פערדיענסט; א טייל פון פּראפיט; דער שוואונגשטאנג פון א וועב-שטוהל; א ליעד, א לירישע פּאעמא, באלאדא אדער געזאנג; וועלטליך, ניט גייסטליך, ניט קירכליך, ניט פּראפעסיאנעל; ניט ערפאהרען, ניט פאכמעניש; וואס איז שייך צום געוועהנליכען פאלק [צום אונטערשיעד פון גייסטליכע אדער פּראפעסיאנעלע. ז. *laity*].

lay a ca'ble (ליי ע קייבל) צונויפדרעהען די שטריק [אויף א שיף].

lay a course (ליי ע קאורס) זעגלען אין א געוויסער ריכטונג; אויסמארקירען, אויספלאנעווען.

lay a plot (ליי ע פלאט) פּלאנעווען אדער מאכען א פערשווערונג.

lay a rope (ליי ע ראופ) ז. *lay a cable*.

lay aside' (ליי ע-סאיד') אוועקלעגען אן א זייט; אוועקווארפען, אויפגעבען.

lay at stake (ליי עט סטייק) שטעלען אין קאן.

lay at one's door (ליי עט וואנז דאור) ארויפלעגען אויף אימעצען די שולד.

lay away' (ליי ע-וויי') אוועקלעגען; אויפגעבען; אוועקלעגען [אויף שפּעטער]; שפּארען.

Lay the document away for future reference.

lay bare (ליי בעהר) ארויסשטעלען צום שיין, ענטבלויזען, אויפדעקען.

The investigations will lay bare all the facts of the conspiracy.

lay before' (ליי בי-פאור') פארלעגען.

lay by (ליי באי) אוועקלעגען; אוועקלעגען אן א זייט; אבלעגען, אוועקלעגען [אויף שפּעטער], אבשפּארען.

The old fellow has been able to lay by a snug sum.

lay by the heels (ליי באי טהי היעלז) פעסטען, בינדען די פיס; איינשפּארען, איינשרענקען.

lay claim to (ליי קליים טו) האבען פּרעטענזיעס אדער א פאדערונג אויף עפּעס.

lay'-days *n.* (ליי'-דייז) א בעשטימטע צאהל טעג אין וועלכע א שיף מוז אנגעלאדען אדער אויסגעלאדען ווערען.

lay down (ליי דאון) אויפגעבען; רעזיגנירען; אוועקלעגען, איינלעגען; אויסלעגען [ווי א פלאן אויף'ן פּאפּיער]; אוועקלעגען [אלס א פונדאמענט אדער באזיס]; אוועקלעגען [פאר א שפּעטערדיגען געברויך].

lay down the law (ליי דאון טהי לאה) 1. אויסטייטשען דאס געזעץ; עטוואס

פערשרייבען אלס געזעץ; 2. אנזאגען מיט'ן הארבען ווארט.

1. The judges lay down the law of the land.
2. He laid down the law to his office boy.

lay'er *n.* and *v.* (לייי'-ער) איינער וואס לעגט עפּעס; א לעגענדיגע הוהן; א שיכט פון וואַפּנע אדער צעמענט; א צווייג פון א בוים וועלכער ווערט איינגעבויגען אין מיטען און אריינ־געשטעקט אין דער ערד, אז ער זאל איינ־וואקסען ניט זייענדיג אבגעריסען פון בוים; אין לעדער־ארבייט — א ראנד אדער זוים פערשטארקט מיט א לעדער־שטרייף; א גרוב וואו עס ווערען געלעגט פעלען אין שיכטען צום גארבען; פלאנצען דורך איינבויגען א צווייג און איהם אריינ־שטעקען אין דער ערד ווען ער איז נאך ניט אבגעריסען פון בוים.

lay'er-cake *n.* (לייי'-ער-קייק) א גע־פילטער קוכען אין שיכטען.

lay'ering *n.* (לייי'-ער-אינג) דאס איינ־פלאנצען א צווייג, ווען ער איז ניט אבגעטיילט פון בוים, דורך דעם וואס מען בויגט איהם איין און מען שטעקט איהם אריין אין דער ערד ער זאל איינוואקסען.



Layering

lay'er-on' *n.* (לייי'-ער-און') אן ארויס־לעגער; איינער וואס לעגט די פּאפּיער־בויגענס אין דער דרוק־מאשין.

lay'er-o'ver *n.* (לייי'-ער-או'-ווער) א בייטש; עטוואס מיט וואס מען בע־שטראפט.

lay'er-up' *n.* (לייי'-ער-אפּ') אן אבשפּא־רער, אן אנזאמלער.

lay'-fig'ure *n.* (לייי'-פיג'-יור) א מא־דעל פון א מענשליכער פיגור וואס מאה־לער בענוצען פארצושטעלען פערשיעדענע פּאזיציאנען פון קערפּער; א מענש אהן אינדיווידואליטעט וועלכען מען קען דרע־העז ווי מען וויל.

lay for (לייי פאר) לויערען, ליעגען און ווארטען [אויף עטוואס אדער אימעצען].

The robbers will lay for the travellers on this road.

lay hands on (לייי הענדז און) ארויפ־לעגען די הענד צו בענשען; פּערכאפּען.

lay heads togeth'er (לייי העדז טו־געטה'-ער) זיך צוזאמען בעראטהען.

lay hold of (לייי האולד אוו) אנגרייפ־פען; פּערכאפּען.

lay hold on (לייי האולד און) ז. *lay hold of*.

lay in bal'ance (לייי אין בעל'-ענס) זיך געפינען אין אן אונענטשיעדענער לא־גע; ליעגען אין ערבות.

lay'ing *n.* (לייי'-אינג) דאס לעגען; דאס לעגען אייער; די צאהל אייער וואס זיינען אויסגעלעגט געווארען אין א היה־נער־שטייג פאר א טאג אדער פאר אן אנדער משך פון צייט; דאס צונויפדרעהען מעהרערע איינצעלנע פעדים אין א שטריק.

lay'ing-in' *n.* (לייי'-אינג-אין') דער ערשטער אנשטריך פון פארב אויף א גע־גענשטאנד וועלכער דארף געמאלט ווערען; די אויסען־ליניען פון א צייכנונג אויף מעטאל וואס דארף גראווירט ווערען.

lay'ing-machine' *n.* (לייי'-אינג-מע־שין') א מאשין צו דרעהען שטריק.

lay in lav'ender (לייי אין לעוו'-ענ־דער) עטוואס פארזיכטיג אוועקלעגען [מיט לאווענדעל־צווייגלעך צווישען].

lay in'to (לייי אינ'-טו) אריינלעגען קלעפּ וויפיעל עס זאל נור אריין.

lay it on (לייי איט און) איבערכאפּען די מאס; שטארק איבערטרייבען.

Don't lay it on. I want none of your flattery.

lay low (לייי לאו) אנידערוואַרפען; בע־גראבען.

lay'man *n.* (לייי'-מען) א מענש פון דער מאסע; איינער וואס איז ניט קיין גייסט־ליכער; ניט קיין פּראפעסיאנעלער מענש; איינער וואס איז ניט קיין ספּעציאליסט.

lay off (לייי אף) 1. אבזאגען אן ארבייי־טער [געוועהנליך נור צייטווייליג]; 2. אוועקלעגען אן א זייט; אראבנעהמען אדער אראבווארפען פון זיך; 3. אויס־מעסטען, אויפצייכענען, אויסלעגען אויף פּאפּיער [ווי א פּלאן]; 4. אבווענדען פון וועלכען עס איז פונקט אדער געגענשטאנד [בעזאנדערס ווענען א שיף].

1. The employer is planning to lay off half of his working force. 3. Lay off a yard to the right of this point.

lay on (לייי און) דערלאנגען מיט כח; אריינלעגען קלעפּ; שלאגען; בעזארגען מיט עפּעס, צושטעלען; ווענדען צו וועל־כען עס איז פונקט אדער געגענשטאנד [בעזאנדערס ווענען א שיף].

lay one out (לייי וואן אוט) 1. אימע־צען אנידערווארפען; אימעצען בעזיעגען; 2. דערלאנגען א פּארציע, אנזידלען.

2. I heard the manager lay out the clerk.

lay one's self out (לייי וואנז סעלף אוט) מאכען א שטארקע אנשטרענגונג.

lay on the ta'ble (לייי און טהי טייבל) ליעגען לאזען [א פּארלאמענטארישער אויסדרוק פאר אבלעגען די פערהאנדלונג פון א פראגע אויף אן אונבעשטימטער צייט].

lay o'pen (לייי אופּן) אויפדעקען; ארויסשטעלען [צו שאנד, למשל]; מא־כען אן עפנונג; פערוואונדען.

lay out (לייי אוט) 1. אויסגעבען, אויסלע־גען; ארויסצייגען, ארויסשטעלען; מאכען א פּלאן; פּלאנעווען; זיך יאגען אדער שטרע־בען [נאך עטוואס]; אנטהאן אין תכריכים און מאכען פארטיג צו דער קבורה; 2. וואַרפען, אוועקלעגען, מאכען פאר א קאליקע.

2. He was laid out in the fight.

lay'-out *n.* and *a.* (לייי'-אוט) אן אויס־לעגונג, אן אויסשפּרייטונג; אן אויסגע־לעגטער פּלאן; עטוואס וואס איז אויסגע־לעגט אדער אויסגעשפּרייט; אויסגעלעגט, אויסגעשפּרייט, אויסגעצייכנעט.

lay o'ver (לייי או'-ווער) איבערדעקען, בעדעקען; איבערציהען.

lay siege to (לייי סידזש טו) 1. בעלא־גערען, ארומרינגלען מיט אן ארמעע; 2. שטארק שטרעבען צו געווינען.

2. I love her. I shall lay siege to her heart and will win.

lay stress (לייי סטרעס) לעגען געוויכט אויף עפּעס, אננעהמען די דרינגליכקייט פון עפּעס.

lay the cloth (לייי טהי קלאטה) דעקען דעם טיש.

lay the land (לייי טהי לענד) דערוויי־טערען זיך פון דער יבשה [ווענען א שיף].

lay to (לייי טו) זיך נעהמען [צו עפּעס]; אבשטעלען [א שיף].

lay to heart (לייי טו הארט) זיך נעהמען צום הארצען.

lay to one's charge (לייי טו וואנז טשארדזש) שטעלען אויף אימעצענס חשבון, בעשולדיגען אימעצען, האלטען אימעצען פאראנטווארטליך.

lay up (לייי אפּ) אבלעגען; אוועקלעגען אויף שפּעטער; אוועקלעגען אין בעט [צו־ליעב א קראנקהייט].

lay wait (לייי וועיט) לויערען, ליעגען און ווארטען.

lay waste (לייי וועיסט) פערוויסטען.

la'zar *n.* (לייי'-זאר) א קרעציגער, א מצורע; איינער וואס ליידט פון א מיאוס'ער קראנקהייט [הויפטזעכליך וועגען א בעטלער].

lazaret' *n.* (לעז-ע-רעט') א לאזארעט, א האספּיטאל, א האספּיטאל־שיף, א קא־ראנטין־אנשטאלט; א פּלאץ פאר פּראווי־זיעס [אויף האנדעלס־שיפען].

lazaret'to *n.* (לעז-ע-רעט'-או) ז. *lazaret*.

la'zar-house *n.* (לייי'-זאר-האוס) ז. *lazaret*.

la'zar-like *a.* (לייי'-זאר-לאיק) קרעציג, עהנליך צו א מצורע.

la'zarly *a.* (לייי'-זאר-לי) ז. *lazar-like*.

la'zarman *n.* (לייי'-זאר-מען) ז. *lazar*.

lazaro'ne *n.* (לעז-ע-ראו'-נע) ז. *lazzarone*.

la'zarwort *n.* (לייי'-זאר-הווירט) ז. *laserwort*.

laze *v.* and *n.* (לייז) פוילענצען, זיך פוילען; וועק'פּטר'ען אין פוילקייט; פוילקייט.

When on my vacation I like to laze around a good part of the day.

la'zily *adv.* (לייי'-זי-לי) מיט פויל־קייט, פויל.

la'ziness *n.* (לייי'-זי-נעס) פוילקייט.

laz'uli *n.* (לעז'-יו-לאי) לאפּיס לאזולי, לאזור־שטיין. ז. *lapis lazuli*

laz'ulite *n.* (לעז'-יו-לאיט) לאזוליט, בלוי־שפּאט [אזא מינעראל פון העל־בלויען קאליר].

la'zy *a.* and *v.* (לייי'-זי) פויל; לאנג־זאם; זיך פוילען; פוילענצען.

la'zy-back *n.* and *a.* (לייי'-זי-בעק) א הויכער לעהן [רוקען־ווענטעל] פון א שטוהל; א געשטעל אויף אן אויטאָ פאר א פאן; וואס האט א הויכען רוקען [ווע־גען א שטוהל].

la'zy-bed *n.* (לייי'-זי-בעד) א שטיקעל פּלאץ פערזייהט מיט קארטאפעל אזוי, אז די קארטאפעל ווערען ניט בעגראבען אין דער ערד, נאר ווערען בלויז צוגעדעקט פון אויבען מיט אביסעל ערד.

la'zyboard *n.* (לייי'-זי-באורד) א ברעט ביי דער לינקער זייט פון א וואגען, אויף וועלכען די אנטרייבער שטעהען אפט, טרייבענדיג די פערד.

la'zybones *n.* (לייי'-זי-באונז) א פוי־לענצער.

la'zyboots *n.* (לייי'-זי-בוהטס) ז. *lazybones*

la'zy-tongs *n.* (לייי'-זי-טאהנגז) אזא צוואנג וואס איז צונויפגעשטעלט פון א גאנצער רייהע געלענקען און וועלכע קען אויסגעצויגען און צונויפגעצויגען ווערען.



Lazy-tongs

lazzaro'ne *n.* (לעז-ע-ראו'-נע) א לא־זאראני [א בעטלער אדער ליידיג־געהער פון נעאפּעל, איטאליען].

L. B. ראשי תבות פון די נעלעהרטען־טיטו־לען: *Baccalaureus Litterarum*

[באקאלאורום פון ליטעראטור] אדער *Legum Baccalaureus* [באקאלאורום פון יוריספרודענץ].

lb. אבקירצונג פון *libra* [א פונט].

lbs. אבקירצונג פון *libras* [פונטען].

l. c. ראשי תבות פון *lower case* [אין דרוקעריי — די געוועהנליכע בוכשטאבען, ניט די גרויסע אנפאנגס־בוכשטאבען] אדער פון *loco citato* [אין דעם שוין ציטירטען פלאץ].

lea *n.* (ליע) א פעלד; א לאנקע.

leach *n. and v.* (ליעטש) לויג [וואס ווערט געמאכט פון אש]; א לויג־צעבער; אש צו מאכען לויג; מאכען לויג דורך אויפגיסען וואסער אויף אש.

lea'cher *n.* (ליע'-טשער) ז. *leach-tub*.

leach'-tub *n.* (ליעטש'-טאב) א לויג־צעבער.

lea'chy *a.* (ליע'-טשי) וואס לאזט דורך פליסיגקייטען, וואס זייהט דורך [ווי אש, זאמד א. ד. ג.].

lead *v. and n.* (ליעד) לייטען, פיהרען; אנפיהרען, געהן פארויס, זיין דער ערשטער, זיין אן דער שפיצע; אריינפיהרען, אריינציהען, ארייננארען; בעוועגען צו עפעס; אנפאנגען; געבען דעם טאן; איינלייטען; געפיהרט ווערען; פיהרערשאפט, פיהרונג; דאס געהן פארויס, דאס זיין דער ערשטער; דער אנפאנג, דער ערשטער גאנג [אין א שפיעל]; ריכטונג; בעקאנטשאפט, געניטקייט; עטוואס וואס פיהרט אדער ריכטעט; א שמאלער דורכגאנג.

lead *n., a. and v.* (לעד) בליי; דורכשוסליניע אדער שפאנע [א דין בליי־בלעכעל וואס ווערט אריינגעלעגט צווישען די שורות פון שריפטזאץ זיי צו מאכען שיטערער]; א זינק־בליי [א בליי־געוויכט צום מעסטען די טיעפקייט פון וואסער]; דאס בליי אין א בליישטיפט; געמאכט פון בליי, וואס ענטהאלט בליי; בעדעקען מיט בליי; פערגיסען מיט בליי; אריינלעגען דורכשוסליניען אדער שפאנעס צווישען די שורות פון שריפטזאץ; פאלירען, בעדעקען מיט א גלאנץ דורך אבריבען מיט בליי אדער גראפיט.

lead a child (ליעד ע טשאילד) פיהרען א קינד מיט דער הילף פון עפעס [ווען מען לערענט עס געהן].

lead a dance (ליעד ע דענס) זיך שטעלען אן דער שפיצע, זיין אן אנפיהרער; זיין דער פיהרער פון א טאנץ.

lead'-ash *n.* (לעד'-עש) דאס פסולת פון בליי.

lead astray' (ליעד ע-סטריי') פערפיהרען; אראבפיהרען פון וועג.

Evil companions led him astray.

lead'-bob *n.* (לעד'-באב) א בליי־געוויכט אויף א ווענטקע.

lead by force (ליעד באי פאורס) שלעפען מיט גוואלט.

lead by the nose (ליעד באי טהי נאוז) פיהרען ביי דער נאז.

lead cap'tive (ליעד קעפ'-טיוו) געפאנגען, פיהרען אין געפענגנשאפט.

lead'-col'ic *n.* (לעד'-קאל'-איק) בליי־קאליק [א קראנקהייט וואס מען בעקומט פון דעם שטויב פון בליי].

lead'-col'or *n.* (לעד'-קאל'-אר) בליי־קאליר [א מאטער בלויליך־גרויער קאליר].

lead'-col'ored *a.* (לעד'-קאל'-ארד) פון בליי־קאליר.

lead'-cut'ter *n.* (לעד'-קאט'-ער) א מאשין צו שניידען דורכשוסליניען אדער שפאנעס [דינע בליי־בלעכלעך וואס מען לעגט אריין צווישען די שורות פון דרוק־זאץ].

lead'ed *a.* (לעד'-עד) אבגעטיילט דורך שפאנעס אדער דורכשוסליניען [דינע בליי־בלעכלעך וואס ווערען אריינגעלעגט צווישען די שורות אין דרוק־זאץ]; בעדעקט מיט בליי אדער גראפיט.

lead'en *a.* (לעדן) געמאכט פון בליי, וואס זעהט אויס ווי בליי אדער ווי געמאכט פון בליי; בלייערן, שווער, פויל; מאט; מרה־שחורה'דיג.

lead'-encephalop'athy *n.* (לעד'-ענ-סעפ-ע-לאפ'-ע-טהי) א געהירן־קראנקהייט וואס קומט פון כראנישער בליי־פערגיפטונג.

lead'en-gray *a. and n.* (לעד'נ-גריי) בליי־פארביג, בלייערן; א בליי־קאליר.

lea'der *n.* (ליע'-דער) א פיהרער; א וועגווייזער; אן אנפיהרער; דער ערשטער; דער הויפט; איינער אדער עטוואס וואס געהט פארויס; א טאן־געבער; א כאר־דיריגענט, א קאפעלמייסטער; די ערשטע פידעל, דער ערשטער שפיעל־אינסטרומענט אין אן ארקעסטער; עטוואס וואס ריכטעט, פיהרט אדער צייגט אן די ריכטונג; דאס הויפט־ראד אין מאשינעריע; א לייט־ארטיקעל; א הויפט צוציהונגס־סחורה פאר קונים.

leaderette' *n.* (ליע-דער-עט') א קליינער לייט־ארטיקעל.

lea'dership *n.* (ליע'-דער-שיפ) פיהרערשאפט, פיהרונג.

lead'-glance *n.* (לעד'-גלענס) בליי־גלאנץ, בליי־ערץ.

lead'-gray *n. and a.* (לעד'-גריי) ז. *leaden-gray*.

lead'ing *n.* (לעד'-אינג) בליי־ווערק, בלייענע זאכען; צוזאמענבלייאונג.

lea'ding *n. and a.* (ליע'-דינג) פיהרונג, לייטונג, אנפיהרונג, פיהרערשאפט, פעהיגקייט צו זיין א פיהרער; וועג־ווייזונג; פיהרענד, לייטענד; א צוציהונגס־ארטיקעל [פאר קונים]; וואס איז דאס הויפט, דאס ערשטע, דאס וויכטיגסטע; וואס געהט פארויס.

lea'ding ar'ticle (ליע'-דינג אר'-טיקל) א לייט־ארטיקעל [אין א צייטונג]; א הויפט־ארטיקעל, א גאנגבארער ארטיקעל, א צוציהונגס־ארטיקעל [אלס סחורה].

lea'ding card (ליע'-דינג קארד) די ערשטע קארט, מיט וועלכער מען מאכט דעם ערשטען גאנג.

lea'ding fash'ion (ליע'-דינג פעש'-אן) די הערשענדע מאדע.

lea'ding hand (ליע'-דינג הענד) די ערשטע האנד [ביים שפיעלען]; דער געשעפטס־פיהרער.

lea'ding horse (ליע'-דינג האהרס) דאס פאדערשטע אדער ערשטע פערד אין שפאן.

lea'ding la'dy (ליע'-דינג ליי'-די) א פרימאדאנע, די אקטריסע וואס שפיעלט די הויפט ראלע.

lea'dingly *adv.* (ליע'-דינג-לי) פיהרענדיג; דורך לייטונג אדער פיהרערשאפט.

lea'ding man (ליע'-דינג מען) דער אקטיאר וואס שפיעלט די הויפט ראלע.

lea'ding mo'tive (ליע'-דינג מאו'-טיוו) א לייט־מאטיוו [א גרונד־מאטיוו פון א מוזיק־שטיק].

lea'ding part (ליע'-דינג פארט) די הויפט ראלע.

He is taking a leading part in the play.

lea'ding ques'tion (ליע'-דינג קהוועס'-טשאן) א פראגע וואס איז געשטעלט אזוי, אז זי ענטהאלט אין זיך דעם ענטפער אדער שטויסט אן אויף א געווינשטען ענטפער.

lea'ding-staff *n.* (ליע'-דינג-סטעף) דער שטאק פון א מיליטערישען קאמאנדיר.

lea'ding-strings *n.* (ליע'-דינג-סטרינגז) געה־בענדער, לויף־בענדער [בענדער מיט וועלכע מען פיהרט קליינע קינדער, ווען מען לערענט זיי געהן]; שטערונגען צו זעלבסטשטענדיגקייט.

lea'ding-wind *n.* (ליע'-דינג-הווינד) א גינסטיגער ווינד.

lea'ding word (ליע'-דינג הוואירד) דאס ערשטע ווארט; דאס שלאג־ווארט.

lead in prayer (ליעד אין פרעהר) פארבעטען, זיין א שליח צבור.

lead'-line *n.* (לעד'-לאין) א שטריק מיט א בליי־געוויכט [אום צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסער אדער אום צו זינקען א נעץ].

lead'-mine *n.* (לעד'-מאין) א בליי־מינע, א בליי־גרוב.

lead off (ליעד אף) געהן פארויס, נעהמען אויף זיך די איניציאטיווע פון עפעס, אנפאנגען דער ערשטער עפעס צו טהאן.

lead off a ball (ליעד אף ע באהל) ערעפענען א באל.

lead one a dance (ליעד הוואן ע דענס) מאכען איינעם ארומלויפען אומזיסט און אומנישט, פערפיהרען מיט פוסטע הבטחות.

lead'-ore *n.* (לעד'-אור) בליי־ערץ, רויה בליי.

lead'-pen'cil *n.* (לעד'-פענ'-סיל) א בליישטיפט, א בלייפעדער.

lead'-poi'soning *n.* (לעד'-פאי'-זאנ-אינג) בליי־פערגיפטונג.

leads *n.* (לעדז) בלייענע דאך־פלאטען.

lead'-shot *n.* (לעד'-שאט) בליי־שראט [צום שיסען].

lead'-spar *n.* (לעד'-ספאר) בליי־שפאט [א מינעראל].

lead the field (ליעד טהי פיעלד) רייטען אן דער שפיצע, אנפיהרען א יאגד.

lead the way (ליעד טהי הוויי) געהן פארויס, זיין אן דער שפיצע.

lead to the al'tar (ליעד טו טהי אהל'-טער) הייראטען.

lead up (ליעד אפ) פיהרען, ארויפפיהרען.

My introduction gradually leads up to my argument.

lead'-works *n.* (לעד'-הוואירקס) א בליי־גיסעריי.

lead'wort *n.* (לעד'-הוואירט) דער בליי־ווארצעל [אזא זיד־אייראפעאישע פלאנצע].

lead'y *a.* (לעד'-אי) בלייערן, בלייאיג, עהנליך צו בליי.

leaf *n. and v.* (ליעף) א בלאט; א בעוועגליכער טייל פון עפעס [ווי אן אריינזאץ־ברעט אין א טיש, א טהיר, פליגעל, א פאל־ברעט פון א תליה א. ד. ג.]; בלעטער־בעציערונגען [אין ארכיטעקטור]; זיך בלעטערן, ארויסברייננגען בלעטער.

lea'fage *n.* (ליע'-פעדזש) בלעטער, בעבלעטערונג.

leaf'-bear'ing *a.* (ליעפ'-בעהר'-אינג) וואס טראגט ארום בלעטלעך אין מויל [ווי א געוויסער מין מוראשקעס]; וואס האבען בלעטער־עהנליכע קערפער־טיילען.

leaf'-blight *n.* (ליעפ'-בלאיט) אזא

קראנקהייט פון וועלכער עס ווערען אנגעגריפען די בלעטער פון פלאנצען.

leaf'-bridge *n.* (ליעפ'-ברידזש) אן אויפצוג־בריק [וואס עפענט זיך אויף, אום דורכצולאזען שיפען].

leaf'-bud *n.* (ליעפ'-באד) א שפראצ־אויגעלע אדער קנאספע פון וועלכער עס קומט ארויס א בלאט.

leaf'-car'rier *n.* (ליעפ'-קער'-אי-ער) א מוראשקע וואס טראגט ארום אין מויל בלעטלעך.

leaf'-cut'ter *n.* (ליעפ'-קאט'-ער) א מעסער אויפצושניידען די בלעטער פון א בוך; אזא מין ביען וואס שפרייט אויס דעם ביענשטאק מיט בלעטער.

leafed *a.* (ליעפט) וואס האט בלעטער, בעבלעטערט, בלעטערדיג.

leaf'-fee'der *n.* (ליעפ'-פיע'-דער) אן אינזעקט אדער א ווערימעל וואס שפייזט זיך מיט בלעטער.

leaf'-fol'der *n.* (ליעפ'-פאול'-דער) אזא מאטען־פליגעלע [מאל] וואס איהר לארווא [דאס ווערימעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך אן אינזעקט] וויקעלט צונויף בלעטער און מאכט זיך אין זיי א נעסט.

leaf'-foot'ed *a.* (ליעפ'-פוט'-עד) וואס האט בלעטער־עהנליכע פיס [וועגען געוויסע מינים בעשעפענישען].

leaf'-gil'ding *n.* (ליעפ'-גיל'-דינג) דאס גילדען מיט גאלד־בלאט.

leaf'-gold *n.* (ליעפ'-גאולד) בלאט־גאלד [צום גילדען].

lea'finess *n.* (ליע'-פי-נעס) בעבלעטערטקייט, דאס זיין בעדעקט מיט בלעטער, דאס זיין פול מיט בלעטער.

leaf'less *a.* (ליעפ'-לעס) אונבעבלעטערט, אהן בלעטער.

leaf'lessness *n.* (ליעפ'-לעס-נעס) אונבעבלעטערטקייט, דאס ניט האבען קיין בלעטער.

leaf'let *n.* (ליעפ'-לעט) א בלעטעל; א פלוג־בלאט, א פלוג־בלעטעל.

leaf'-louse *n.* (ליעפ'-לאוס) א בלאט־לויז [אזא קליינער גרינער אינזעקט וואס געפינט זיך אויף בלעטער].

leaf'-met'al *n.* (ליעפ'-מעט'-על) בלאט־מעטאל, בלאט־גאלד [מעטאל אין דינע בלעטער מיט א גאלד־גלאנץ, געברויכט צום גילדען].

leaf'-roll'er *n.* (ליעפ'-ראול'-ער) ז. *leaf-folder*

leaf'-shaped *a.* (ליעפ'-שייפט) בלאט־פערמיג.

leaf'-sil'ver *n.* (ליעפ'-סיל'-ווער) בלאט־זילבער [צו בעזילבערען].

leaf'stalk *n.* (ליעפ'-סטאהק) דאס שטענגעל פון א בלאט.

leaf'-tobac'co *n.* (ליעפ'-טא-בעק'-או) בלעטער־טאבאק.

leaf'-tur'ner *n.* (ליעפ'-טויר'-נער) א פארריכטונג ביי א פארטאפיאנא איבערצומישען די בלעטער פון די נאטען.

leaf'-valve *n.* (ליעפ'-וועלוו) א קלאפען־ווענטיל [אזא דעקעל אויף א זאוויעסע אין א פומפ־מאשין].

leaf'work *n.* (ליעפ'-הוואירק) בלעטער־עהנליכע בעציערונגען.

lea'fy *a.* (ליע'-פי) בלעטערדיג; מיט א סך בלעטער.

league *n. and v.* (ליעג) א ליגע, א פעראייניגונג, א בונד; א מייל; א ים־מייל [3.45 ענגלישע מייל]; זיך פעראייניגען, זיך פעראייניגען אין א ליגע.

lea'guer *n. and v.* (ליע'-גער) איינער וואס געהערט צו א ליגע אדער פעראייניגונג, א בונד־גענאסע; בעלאגערונג; בעלאגערען.

leak *v. and n.* (ליעק) אריינרינען; פליסען; פישען [משתין זיין]; לאזען רינען; א שפאלט, א לאך, אן עפנונג [דורך וועלכער עטוואס קען ארויסרינען אדער אריינרינען].

lea'kage *n.* (ליע'-קעדזש) דאס רינען; דאס אריינפליסען; די מאס אדער צאהל וואס קומט צו אדער פאלט אב פון רינען; לעקאזש [פערגיטיגונג פאר פערלוסט וואס קומט פון אויסרינען].

leak'-alarm' *n.* (ליעק'-ע-לארם') א פארריכטונג אויף א שיף אויטאמאטיש צו געבען אן אלארם־סיגנאל, ווען די שיף הויבט אן צו רינען.

lea'kiness *n.* (ליע'-קי-נעס) דאס זיין רינעדיג, דאס זיין לעכערדיג.

leak out (ליעק אוט) 1. אויסרינען; 2. זיך פערשפרייטען, בעקאנט ווערען אין דער עפענטליכקייט.

2. The secret **leaked out**.

lea'ky *a.* (ליע'-קי) רינעדיג; געלעכערט [אזוי אז א פליסיגקייט קען אריינרינען אדער ארויסרינען]; אויספלוידערענדיג, וואס קען ניט איינהאלטען קיין סוד.

lean *v., n. and a.* (ליען) נייגען, זיך נייגען, זיין גענייגט; זיך אבנייגען; זיך אבווענדען; זיך בויגען, זיך אונטערגעבען, נאכגעבען; זיך לעהנען, זיך אנלעהנען; אבמאגערען, מאכען מאגער: אראבנעהמען דאס פלייש פון א וואלפיש; נייגונג, צונייגונג; דער טייל פון פלייש וואס בעשטעהט נור פון מוסקעלען; דאס פלייש פון א וואלפיש; ביי דרוקער — אן ארבייט וואס ברייננט ניט קיין פראפיט; מאגער; פוסט, ארעם, אינהאלטסלאז; וואס מאכט מאגער; ביי דרוקער — וואס מען פערדיענט ניט ביי דעם.

lean against' (ליען ע-גענסט') זיך אנלעהנען, זיך אנשפארען אן עפעס.

lean as a cane (ליען עז ע קיין) דאר ווי א שטעקען, הויט און ביין.

lean'-faced *a.* (ליענ'-פייסט) מיט א מאגערען געזיכט; אין דרוקעריי — וואס איז זעהר שמאל [וועגען שריפט].

lea'ning *n. and a.* (ליע'-נינג) נייגונג; זיך לעהנענדיג, זיך נייגענד.

lea'ning-knife *n.* (ליע'-נינג-נאיף) א מעסער, מיט וועלכען מען שניידט ארום דאס מאגערע פלייש פון א וואלפיש.

lea'ning-note *n.* (ליע'-נינג-נאוט) א פערציערונגס־נאטע. ז. *appoggiatura*

lean'ly *adv.* (ליענ'-לי) מאגער, דאר, ארעם, אינהאלטסלאז, צוועקלאז, אהן פראפיט.

lean'ness *n.* (ליענ'-נעס) מאגערקייט, טרוקענקייט, דארקייט; פוסטקייט, אינהאלטסלאזיגקייט, ארעמקייט; צוועקלאזיגקייט.

lean o'ver (ליען או'-ווער) זיך איבערבויגען, זיך אריבערהיינגען.

Don't **lean over** the fence.

lean'-to *n.* (ליענ'-טו) א נעבען־געביידע, א צובוי; אן אפענע געביידע [פאר קראנקע, הויפטזעכליך פאר שווינדזיכטיגע].

lean type (ליען טאיפ) שמאלע דרוק־שריפט [וואס 26 בוכשטאבען פערנעהמען ווייניגער ווי צוויי צאל].

lean'-wit'ted *a.* (ליענ'-הוויט'-עד) ניט איבעריג קלוג, ניט איבעריג שארפזיניג.

lean work (ליען הוואירק) ביי דרוקער — ארבייט, וועלכע נעהמט צופיעל צייט און ביי וועלכער מען קען ניט פערדיענען.

leap *v. and n.* (ליעפ) שפרינגען, א שפרונג טהאן, אריבערשפרינגען, ארויסשפרינגען; ארויפשפרינגען, האבען געשלעכטליכען פערקעהר [וועגען חיות]; צווינגען אריבערצושפרינגען; דאס שפרינגען; א שפרונג; געשלעכטליכער פערקעהר [ביי חיות].

leap clear o'ver (ליעפ קליער או'-ווער) אריבערשפרינגען א זאך, ניט אנריהרענדיג זי.

lea'per *n.* (ליע'-פער) א שפרינגער; א סאלם אדער לאקס; אן אינסטרומענט פאנאנדערצופלעכטען אלטע שטריק.

leap'-frog *n.* (ליעפ'-פראג) דער פראש־שפרונג, דער זשאבע־שפרונג [א קינדערשע שפיעל, ביי וועלכער איינער שפרינגט אריבער איבער'ן צווייטען].

lea'ping-fish *n.* (ליע'-פינג-פיש) דער שפרינג־פיש [אזא קליינער, שמאלער, לענגליכער, גלאנציגער פיש וואס שפרינגט אפט ארויס אויף'ן ברעג].

leap in the dark (ליעפ אין טהי דארק) א שפרונג אין דער פינסטערניש, א בלינדע אונטערנעהמונג, עטוואס וואס מען ווייס ניט מיט וואס עס וועט זיך ענדיגען, עטוואס וואס מען טהוט ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאלגען.

leap out of the skin (ליעפ אוט אוו טהי סקין) שפרינגען פון דער הויט.

leap'-year *n.* (ליעפ'-ייהר) אן עבור־יאהר.

lear *n.* (ליער) א קיהל־אויווען [אין גלאז־פאבריקאציאן].

learn *v.* (לוירן) זיך לערנען, לערנען, ערפאהרען, זיך דערוויסען.

lear'nable *a.* (לויר'-נעבל) וואס מען קען לערנען; וואס מען קען ערפאהרען.

learn a les'son (לוירן ע לעסן) אנגעלערענט ווערען.

learn by heart (לוירן באי הארט) לערנען אויף אויסווענדיג.

learn by mem'ory (לוירן באי מעמ'-א-רי) לערנען מעכאניש, אריינקלאפען זיך אין קאפ.

learn by rote (לוירן באי ראוט) ז. *learn by memory*

lear'ned *a.* (לויר'-נעד) געלערענט, געלעהרט; גענוי בעקאנט מיט...

He is **learned** in the law.

lear'nedly *adv.* (לויר'-נעד-לי) ווי א געלעהרטער; מיט קענטניסע.

lear'nedness *n.* (לויר'-נעד-נעס) געלעהרטקייט, לומדות.

lear'ner *n.* (לויר'-נער) א לערנער; א לעהרלינג, א שילער.

lear'ning *n.* (לויר'-נינג) געלעהרזאמקייט, לומדות; ערודיציע; דאס לערנען; סיסטעמאטישעס וויסען; ספעציעלע פאכקענטניסע.

learn off (לוירן אף) לערנען אויסווענדיג.

learn one's book (לוירן הוואנז בוק) מאכען די לעקציאנען; לערנען.

learn wit (לוירן הוויט) ווערען געשייטער, קליגער.

lear'y *a.* (ליער'-אי) וואכזאם, כיטרע [אין דער גנבים־שפראך].

lea'sable *a.* (ליע'-סעבל) וואס קען פערפאכטעט אדער פערדונגען ווערען.

lease *v. and n.* (ליעס) פערפאכטען, פערדינגען [לאנד, הייזער א. ד. ג.]; פאכטען, דינגען; א פאכט; א פערפאכ־

טונג ; א פאכט-קאנטראקט ; א פאכט-טער-מין ; א טערמין, א משך, א צייט-דויער.

lease *v. and n.* (ליעז) קלייבען, זאמ-לען ; קלייבען איבערגעבליבענע זאנגען אין פעלד ; א פיטערנים.

lease'hold *n. and a.* (ליעס'-האולד) א פאכטונג [ווי פון ערד, א הויז א. ד. ג.] ; א פאכט-גוט ; א פאכט ; געפאכטעט.

lease'holder *n.* (ליעס'-האול-דער) א פאכטער, איינער וואס דינגט אב א הויז.

I have been a leaseholder of this house for many years.

lea'ser *n.* (ליע'-סער) א פערפאכטער, איינער וואס פערדינגט ערד, א הויז, א גוט א. ד. ג. אין ארענדע.

leash *n. and v.* (ליעש) א שטריקעל, א באנד, א רימענדעל [בעזאנדערס אזא מיט וועלכען מען האלט א יאגד-הונד] ; אנדערטהאלבען פאר, דריי פון איין מין [אויף דער שפראך פון יעגער] ; דריי זאכען ; אנבינדען אדער האלטען מיט א שטריקעל אדער מיט א באנד.

lea'sing *n.* (ליע'-סינג) דאס פאכטען אדער דינגען ; דאס פערפאכטען אדער פערדינגען.

lea'sing *n.* (ליע'-זינג) דאס זאגען לי-גען ; א ליגען ; דאס זאמלען, דאס זאמ-לען איבערגעבליבענע זאנגען אויף'ן פעלד.

least *a. and adv.* (ליעסט) וואס איז דאס מינדעסטע ; ווענינגסטענס, אם ווענינ-סטען, אם אלערווענינגסטען.

least'ways *adv.* (ליעסט'-הוויז) ז. *leastwise*

least'wise *adv.* (ליעסט'-הוואיז) אם ווענינגסטען, ווענינגסטענס, צום ווענינגסטען.

leath'er *n., a. and v.* (לעטה'-ער) לעדער ; א לעדערעל אויף א האטשיק פון א ווענטקע ; דער אראבהענגענדער טייל פון א הונד'ס אויער ; געמאכט פון לעדער ; וואס בעשטעהט פון לעדער ; בעזארגען מיט לעדער ; אנוואנדען אדער געברויכען לע-דער ; פערוואנדלען אדער אויסנארבען אין לעדער ; דורכקלאפען די ביינער ; אבשמיי-סען מיט א רימען.

leath'er-cloth *n.* (לעטה'-ער-קלאטה) לעדער-טוך, צעראטע [אזא צייג וואס איז נאכגעמאכט ווי לעדער].

leath'er-coat *n.* (לעטה'-ער-קאוט) א לעדער-עפעל [אן עפעל מיט א גרא-בער הויט] ; א פרוכט מיט א דיקער הויט.

leath'er-dress'er *n.* (לעטה'-ער-דרעס'-ער) א לעדער-בעארבייטער, איי-נער וואס פארטיגט ארויס די לעדער נאכ'ן גארבען.

leath'er-dress'ing *n.* (לעטה'-ער-דרעס'-אינג) לעדער-בעארבייטונג, דאס ארויספארטיגען די לעדער נאכ'ן גארבען.

leatherette' *n.* (לעטה-ער-עט') נאכגע-מאכטע לעדער.

leath'erhead *n.* (לעטה'-ער-העד) א פויערשער קאפ, א דומער יונג ; דער לע-דער-קאפ [אזא אויסטראלישער פויגעל]. ז. *friar-bird*

leath'er-knife *n.* (לעטה'-ער-נאיף) א לעדער-מעסער [אזא געבויגענע מעסער צום שניידען לעדער].

leath'er-mouthed *a.* (לעטה'-ער-מאוטהט) וואס האט א מויל ווי פון לע-דער [גלאט און הארט און אהן ציינער].

leath'ern *a.* (לעטה'-ערן) לעדערנער ; געמאכט פון לעדער.

leath'er-pa'per *n.* (לעטה'-ער-פיי'-פער) לעדער-פאפיער [א דיקער זארט פאפיער וואס איז געמאכט עהנליך צו לעדער].

leath'er-punch *n.* (לעטה'-ער-פאנטש) אן אינסטרומענט אדער מאשין אויסצו-קלאפען לעכלעך אין לעדער.

leath'er-skin *n.* (לעטה'-ער-סקין) די אונטערשטע הויט-שיכט.

leath'er-winged *a.* (לעטה'-ער-הווינגד) וואס האט פליגלען ווי לעדער [ווי א פלעדערמויז, למשל].

leath'erwood *n.* (לעטה'-ער-הוואוד) לעדער-האלץ [אזא ביימעל מיט א האר-טער קארע וואס וואקסט אין נארד-אמע-ריקא ; אזא בוים אדער קוסט אין אויס-טראליען].

leath'ery *a.* (לעטה'-ער-אי) לעדער-ארטיג, ווי לעדער.

leave *v. and n.* (ליעוו) ; צו- 1. לאזען ; ריקלאזען ; איבערלאזען ; פערלאזען ; אויפהערען ; 2. אבפאהרען ; 3. געבען אור-לויב [בעפרייאונג אויף א צייט פון דיענסט] ; ערלויבען ; 4. ארויסלאזען בלע-טער ; 5. אן ערלויבנים ; אן אורלויב ; 6. אן אבשיעד.

1. Leave me alone. I am too busy to see you. 2. He leaves on the next train. 5. He secured leave to visit his parents.

leave alone' (ליעוו ע-לאון') לאזען צורוה, ניט שטערען.

leaved *a.* (ליעווד) בלעטערדיג, מיט בלעטער.

leave in the cold (ליעוו אין טהי קאולד) פערנאכלעסיגען, פערזעהן.

leav'en *n. and v.* (לעווען) זויערטייג, ראשטשינע ; עטוואס וואס מאכט אן ענ-דערונג דורך אן אונזיכטבארען איינ-פלוס ; אן אונזיכטבארער איינפלוס וואס ווירקט פערדארבענד ; מאכען אויפגעהן אדער לייכט ווי טייג דורך זויערען ; הא-בען א ווירקונג דורך אן אונזיכטבארען איינפלוס.

leav'ening *n.* (לעוו'נ-אינג) דאס מא-כען אויפגעהן און לייכט דורך זויערטייג [ווי טייג] ; דאס מאכען איהרען אדער געהרען, דאס זויערען.

leave of ab'sence (ליעוו אוו עב'-סענס) אורלויב [בעפרייאונג אויף א גע-וויסער צייט פון דיענסט].

leave off (ליעוו אף) אויפהערען, אוועק-ווארפען, אויפגעבען, אוועקלעגען.

leave one in the dark (ליעוו הוואן אין טהי דארק) האלטען בסוד עפעס פון אימעצען.

leave one in the lurch (ליעוו הוואן אין טהי לוירטש) לאזען אין שטיך, לא-זען אין פערלעגענהייט.

leave one with the bag (ליעוו הוואן וויטה טהי בעג) לאזען אין שטיך, לאזען אין פערלעגענהייט.

leave out (ליעוו אוט) אויסלאזען, דורכ-לאזען.

leave out in the cold (ליעוו אוט אין טהי קאולד) לאזען מיט דער בייטש, לא-זען ביי גארנישט.

lea'ver *n.* (ליע'-ווער) א ויברח-מאכער ; איינער וואס איז עוקר אדער פערשווינדט ; איינער וואס פערלאזט.

leaves *n.* (ליעווז) בלעטער. ז. *leaf*

leave'-ta'king *n.* (ליעוו'-טיי'-קינג) דאס געהמען אבשיעד ; דאס געזעגענען זיך ; א זיי-געזונד.

leave word (ליעוו הווירד) לאזען וויסען, אנזאגען.

Leave word of your arrival.

lea'ving *n.* (ליע'-ווינג) דאס שיידען זיך, דאס פערלאזען, דאס אבריזען ; עטוואס וואס בלייבט נאך אדער פאלט אב.

lea'vings *n.* (ליע'-ווינגז) רעשטלעך, איבערבלייבעכץ, אבפאל, שריים.

The dog is fed on the leavings.

lea'ving-shop *n.* (ליע'-ווינג-שאפ) א לאמבארד אדער לייה-הויז [אן ארט וואו מען לייהט אויף משכנות], וואס האט ניט קיין געזעצליכע ערלויבנים.

lech'er *n. and v.* (לעטש'-ער) א בעל-תאוה, א נואף ; פיהרען א לעבען פון תאוה און נואף.

lech'erous *a.* (לעטש'-ער-אס) תאוה-דיג, נואף'דיג ; וואס ערוועקט תאוה.

lech'erously *adv.* (לעטש'-ער-אס-לי) אויף א תאוה'דיגען אופן ; מיט תאוה, מיט נאוף.

lech'erousness *n.* (לעטש'-ער-אס-נעס) תאוה, נאוף ; דאס זיין תאוה'דיג.

lech'ery *n.* (לעטש'-ער-אי) תאוה ; נאוף.

lec'tern *n.* (לעק'-טוירן) א לעזע-פולט אדער סטענדער אין א קירך.

lec'tion *n.* (לעק'-שאן) דאס לעזען ; א לעזע-ארט ; א נוסח אין א בוך אדער שריפט ; א קאפיטעל פון דער ביבעל אדער אנדערער הייליגער שריפט וואס ווערט פארגעלעזען אין קירך.

lec'tionary *n.* (לעק'-שאנ-ע-רי) א בוך וואס ענטהאלט קאפיטלעך פון דער ביבעל אדער פון אנדערע הייליגע שריפ-טען, וועלכע ווערען פארגעלעזען אין קירך.

lec'tor *n.* (לעק'-טאר) א פארלעזער פון תפילות אין א קירך.

lec'trice *n.* (לעק'-טרים) א פארלעזע-רין.

lec'tual *a.* (לעק'-טשו-על) וואס בינדט צום בעט [א מעדיצינישער אויסדרוק וועגען א קראנקהייט וועלכע בינדט צום בעט].

lec'ture *n. and v.* (לעק'-טשור) א פאר-לעזונג, א לעקציע ; א פרעדיגט, א מוסר-דרשה ; האלטען פארלעזונגען ; אונטער-ריכטען, געבען לעקציעס ; געבען א לעק-ציע, אויס-מוסר'ען.

lec'turer *n.* (לעק'-טשור-ער) א לעק-טאר, איינער וואס האלט לעקציעס אדער פארטרעגע ; א פראפעסאר ; א הילפס-פרעדיגער.

lec'ture-room *n.* (לעק'-טשור-רוהם) אן אודיטאריע, א זאל, וואו עס ווערען געהאלטען פארלעזונגען אדער לעקציעס.

lec'tureship *n.* (לעק'-טשור-שיפ) דאס אמט פון א פראפעסאר, לעקטאר, פארלע-זער אדער פרעדיגער.

lec'turess *n.* (לעק'-טשור-עס) א לעק-טארין, א פרוי וואס האלט לעקציעס אדער פארטרעגע.

led (לעד) געפיהרט, געלייטעט. ז. *lead*

I am led to believe that you are mistaken.

ledge *n.* (לעדזש) א פאליצע ; א ראנד, א לייסט ; א געזימס ; א שיכט ; עטוואס וואס שטארצט ארויס ; א רייה פעל-זען-שטיינער אונטערן וואסער ; אין דרוי-קעריי — קליינעס אדער קלאמערס גע-ברויכט ביים שליסען דרוק-זאץ אין א ראהם.

ledg'er *n.* (לעדזש'-ער) א שטאנג, באל-קען, א שטיין וואס ליגט האריזאנטאל ; א קוווער-באלקען ; דאס הויפט-בוך [אין בוכפיהרונג].

ledg'er-book *n.* (לעדזש'-ער-בוק) דאס הויפט-בוך אין בוכהאלטעריע.

ledg'ment *n.* (לעדזש'-מענט) אין אר-

ביטעקטור — א געזימס, אַן אַרויסשטאַרצונג.

led horse (לעד האָהרס) א זאַפּאַסנער פערד וואָס ווערט געברויכט אין א נויט; א לאַסט־פערד.

lee *n. and a.* (ליע) די זייט, וועלכע איז געשיצט פון ווינד אָדער נאָך וועלכער דער ווינד בלאָזט [וועגען א שיף]; שיצונג; וואָס איז שייך צו דער זייט וואָס איז געשיצט פון ווינד אָדער נאָך וועלכער דער ווינד בלאָזט.

lee′-board *n.* (ליע′-באָורד) אַזא לאַנג, פלאַך ברעט וואָס ווערט בעהעפט צו דער זייט פון א פלאַכער שיף צו שיצען זי פון ווינד [אַזעלכע ברעטער זיינען פאַראַן פון ביידע זייטען].

leech *n. and v.* (ליעטש) א פּיאַווקע [א בלוט־איגעל]; א בלוט־זויגער; א דאָקטאָר; דער ראַנד פון א זעגעל; לויג; אַש־לויג; היילען, דאָקטאָרען; שטעלען פּיאַווקעס; ווייקען אין לויג.

leechee′ *n.* (ליע-טשיע′) ז. *lichi*

lee′cher *n.* (ליע′-טשער) איינער וואָס שטעלט פּיאַווקעס [בלוט־איגעל]; איינער וואָס לאָזט בלוט [אַלס הייל־מיטעל].

leech′-fee *n.* (ליעטש′-פיע) דאָקטאָר־האָנאָראַר, דאָקטאָר־געצאָהלט.

leech′-fish′ing *n.* (ליעטש′-פיש′-אינג) דאָס כאַפּען פּיאַווקעס [בלוט־איגעל].

lee′ching *n.* (ליע′-טשינג) היילונג, קוראַציע.

leech′-line *n.* (ליעטש′-לאַין) א שטריק, מיט וועלכען מען שנורט איין דעם אונטערשטען זעגעל פון א שיף.

leech′-rope *n.* (ליעטש′-ראָופּ) דער ווערטיקאַלער טייל פון א שטריק, מיט וועלכען עס איז אַרומגענעהט דער זעגעל.

lee′fang *n.* (ליע′-פענג) א שטריק וואָס האַלט צו פון אונטען א געוויסען זעגעל אין מיטען פון דער שיף, בעת מען ציהט איהם אָן.

lee′-gage *n.* (ליע′-גיידזש) א גינסטיגערע לאַגע בנוגע צום ווינד, א גרעסערע דערווייטערונג פון ווינד [אַלס פערגלייך צווישען צוויי אָדער מעהרערע שיפען].

Leek

leek *n.* (ליעק) פּאָריי [אַזא פלאַנצע מיט ברייטע בלעטער, עהנליך צו א ציבעלע].

leek′-green *n.* (ליעק′-גריען) פּאָריי־גרין [א פאַרב ווי פון פּאָריי]. ז. *leek*

lee lurch (ליע לוירטש) דאָס בויגען זיך אויף א זייט אין א שטורם־וועטער [וועגען א שיף].

leer *n. and v.* (ליער) א זייטיגער קוק, אַן אויסדרוקספאָלער בליק, א וואונק, א ליעבעבליק; א קיהל־אויווען [אין גלאַז־פאַבריקאַציאָן]; וואַרפען א זייטיגען בליק, אויסדריקען אויסדרוקספאָל, קוקען מיט פערליעבטע בליקען; פערפיהרען דורך ביטרע אָדער פערליעבטע בליקען.

leer′ingly *adv.* (ליער′-אינג-לי) מיט א זייטיגען קוק; מיט פערליעבטע בליקען; ביטרע אָדער בעדייטונגספאָל צואווינקענדיג.

leer′-pan *n.* (ליער′-פּען) א מין פּאַן, אין וועלכער מען האַלט גלעזערנע כלים, ווען מען קיהלט זיי אָב [אין גלאַז־פאַבריקען].

lees *n.* (ליעז) הייוועז, אָבזאַץ, פּסולת [פון משקאות].

lee shore (ליע שאָור) א ברעג וואָס דער ווינד בלאָזט אין דער ריכטונג צו איהם.

lee side (ליע סאַיד) די זייט פון א שיף וואָס איז געשיצט פון ווינד.

leet *n.* (ליעט) א פּאַרצייטיגער פּריצישער געריכט אין ענגלאַנד; דער דיסטריקט וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפען אונטער דער יוריסדיקציע פון אַזא געריכט; דער געריכטס־טאָג; א פּאַרציאָן, א חלק; א צעטעל פון קאַנדידאַטען פאַר אַן אַמט.

leet′-ale *n.* (ליעט′-אייל) א יום־טוב בעת דער ערעפנונג פון געריכט [אַמאָל אין ענגלאַנד]. ז. *leet*

lee tide (ליע טאַיד) דאָס שטראָמען פון דעם וואַסער נאָך דער ריכטונג פון ווינד.

lee′ward *a., adv. and n.* (ליע′-הוואָרד) וואָס איז אין דער ריכטונג פון דעם ווינד; וואָס איז שייך צו דער זייט, נאָך וועלכער דער ווינד בלאָזט; אין דער ריכטונג פון דעם ווינד; די ריכטונג, נאָך וועלכער דער ווינד בלאָזט.

lee′wardly *a.* (ליע′-הוואָרד-לי) וואָס איז אין דער ריכטונג, נאָך וועלכער דער ווינד בלאָזט.

lee′ward tide (ליע′-הוואָרד טאַיד) ז. *lee tide*

lee′way *n.* (ליע′-הוויי) 1. דער דרייף, די אָבווייכונג פון שיף, וועלכע עס טראָגט דער וואַסער־שטראָם אָדער עס טרייבט דער ווינד, פון דעם ריכטיגען וועג; 2. עקסטראַ צייט אָדער שטח; 3. דאָס בלייבען צוריקשטעלענד.

2. I can not finish the job in the time specified. I must have some leeway.

left *a., adv. and n.* (לעפט) לינק, וואָס איז אויף דער לינקער זייט; לינקס; די לינקע זייט; דער לינקער טייל, די לינקע, די אָפּאָזיציאָן [אין אַן אייראָפּעאישען פּאַרלאַמענט].

left about′! (לעפט ע-באַוט′) לינקס קעהרען! [א מיליטערישע קאָמאַנדע זיך אומצודרעהען לינקס מיט'ן געזיכט אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג].

left about′ turn! (לעפט ע-באַוט′ טוירן) ז. *left about!*

left′-hand *a.* (לעפט′-הענד) וואָס געפינט זיך לינקס; וואָס עפענט זיך אָדער דרעהט זיך נאָך לינקס.

left′-han′ded *a.* (לעפט′-הענ′-דעד) געלינקט; אונגעשיקט, אונגעלומפּערט, ניט ריהרעוודיג; לינק; אונאויפריכטיג; כלומר'שטדיג; געריכטעט נאָך לינקס.

left′-han′ded mar′riage (לעפט′-הענ′-דעד מער′-אידזש) די מאָרגאַנאַטישע הייראַט [ווען איינער פון א קייזערליכער אָדער פירסטליכער פאַמיליע האָט חתונה מיט א פרוי פון א נידריגערען שטאַנד און פערקעהרט]. ז. *morganatic*

left′-han′dedness *n.* (לעפט′-הענ′-דעד-נעס) געלינקטקייט; אונגעשיקטקייט, אונגעלומפּערטקייט, ניט־ריהרעוודיגקייט.

left′-han′der *n.* (לעפט′-הענ′-דער) א געלינקטער; א קלאַפּ מיט דער לינקער האַנד; אַן אונערוואַרטעטער קלאַפּ, א קלאַפּ פון א זייט, פון וועלכער מען האָט דעם קלאַפּ ניט ערוואַרטעט; א קינזשאַל, וואָס מען פלעגט אין די אַלטע צייטען האַלטען אין דער לינקער האַנד ביים ראַפּירען־געפעכט.

left′ness *n.* (לעפט′-נעס) דאָס זיין אויף דער לינקער זייט.

left′-off *a.* (לעפט′-אָף) וואָס ווערט שוין מעהר ניט געטראָגען [וועגען קליידער].

left out in the cold (לעפט אַוט אין טהי קאָולד) פערבליבען מיט דער בייטש, געבליבען ביי גאָרנישט.

left to oneself′ (לעפט טו הוואַנ-סעלף′) אונגעשיצט, הילפלאָז; געשטיצט אויף איוגענע כחות; געלאָזט צו־רוה.

left ven′tricle (לעפט ווענ′-טריקל) דער לינקער האַרץ־קאַמער.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

left′ward *adv.* (לעפט′-הוואָרד) נאָך לינקס.

leg *n.* (לעג) א פוס; פוס־ביין; דער טייל פון פוס צווישען דער קניע און דעם פוס־טריט; א פאָלקע; א פיסעל [פון א טיש, א שטוהל א. ז. וו.]; עפּעס וואָס האַלט אונטער מאָראַליש אָדער פיזיש; דער טייל זאָק אָדער הויזען וואָס בעדעקט דעם פוס; דער טייל פעלד אין קריקעט־שפּיעל וואָס ליעגט צו דער לינקער זייט און הינטער דעם אָבקלאַפּער; דער שפּיעלער וואָס פערנהעמט דיעזען טייל פעלד; א שווינדלער.

leg. אָבקירצונג פון *legato*

leg′able *a.* (לעג′-עבל) וואָס מען קען איבערגעבען בירושה.

leg′acy *n.* (לעג′-ע-סי) א ירושה; כאַראַקטער־איינגענשאַפטען וואָס געהען איבער פון עלטערען צו קינדער.

leg′acy-hun′ter *n.* (לעג′-ע-סי-האַנ′-טער) א ירושה־יעגער, איינער וואָס שטרעבט דורך חניפה אָדער אַנדערע עהנליכע מיטלען צו ווערען אימעצענס יורש.

leg′acy-hun′ting *n.* (לעג′-ע-סי-האַנ′-טינג) דאָס יאָגען זיך נאָך א ירושה. ז. *legacy-hunter*

le′gal *a. and n.* (לי′-געל) לעגאַל, געזעצליך, געריכטליך; געזעצליך גילטיג; וואָס איז לויט דעם בוכשטאַב פון תורת משה; אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע — וואָס איז שייך צו דער לעהרע, אַז נור מעשים טובים פערזיכערען דעם גן־עדן.

le′gal advi′ser (לי′-געל עד-וואַי′-זער) אַן אַדוואָקאַט פון א פירמע אָדער געזעלשאַפט, וואָס פערטרעט איהרע אינטערעסען פאַר'ן געזעץ.

le′gal claim (לי′-געל קליים) דאָס געזעצליכע רעכט אויף עפּעס.

le′gal debt (לי′-געל דעט) א חוב וואָס איז געזעצליך גילטיג און וואָס קען אויפגעמאָהנט ווערען דורך א געוועהנליכען געריכט.

le′gal force (לי′-געל פאָורס) רעכטס־גילטיגקייט.

le′gal heir (לי′-געל עהר) א געזעצליכער יורש [וואָס איז בערעכטיגט צו א ירושה לויט דעם געזעץ און ניט לויט א צואה].

legalisa′tion *n.* (לי-געל-אי-זיי′-שאָן) ז. *legalization*

le′galise *v.* (לי′-געל-אַיז) ז. *legalize*

le′galism *n.* (לי′-געל-איזם) דאָס שטרענגע האַלטען־זיך אָן דעם בוכשטאַב פון דעם געזעץ; דאָס האַלטען־זיך מעהר אָן דעם בוכשטאַב פון די היילינע שריפטען ווי אָן דעם גייסט פון די ווערטער; די לעהרע, אַז בלויז דורך מעשים טובים קען מען פערדיענען דעם גן־עדן.

le′galist *n.* (לי′-געל-איסט) איינער וואָס האַלט זיך שטרענג אָן דעם בוכשטאַב פון געזעץ; איינער וואָס האַלט זיך שטרענג אָן דעם בוכשטאַב פון די היילינע שריפטען.

legal′ity *n.* (לי-געל′-אי-טי) געזעצליכ־

קיום, לעגאליטעט; דאס האלטען מעהר פון'ם בוכשטאב ווי פון'ם גייסט פון די היילינע שריפטען; דאס גלויבען, אז מעשים טובים און ניט די געטליכע גנאד מאכען זעליג [אין דער קריסטליכער טע־אלאגיע].

legaliza'tion *n.* (לי־געל־אי־זיי'־שאן) לעגאליזירונג, דאס מאכען עפעס רעכטמע־סיג געזעצליך; אויטאריזירען, סאנקציא־נירען, בערעכטיגען; אין טעאלאגיע — דאס אננעהמען אדער דאס אויסטייטשען די היילינע שריפטען לויט דעם בוכשטאב און ניט לויט דעם גייסט.

le'galize *v.* (לי'־געל־איז) לעגאליזירען, מאכען געזעצליך, ערקלערען עפעס פאר גע־זעצליך, סאנקציאנירען; פערטייטשען אדער מקיים זיין די געבאטען פון די היי־ליגע שריפטען לויט'ן גייסט פון לעגאליזם, וואס האלט מעהר פון בוכשטאב ווי פון גייסט.

le'gally *adv.* (לי'־געל־אי) אויף א גע־זעצליכען שטייגער; לויט דעם געזעץ.

le'galness *n.* (לי'־געל־נעס) ***legality*** .ז

le'gal per'son (לי'־געל פויר'־סאן) א יורידישע פערזאן [א פערזאן, קערפער־שאפט אדער פירמע, וואס ווערט געזעצ־ליך אנערקענט און קען קלאגען אדער אנ־געקלאגט ווערען].

le'gal proce'dure (לי'־געל פרא־סי'־דזשור) די מעטאדען, די סיסטעם אדער די ארט פון געריכטס־פיהרונג.

A knowledge of legal procedure is often more essential to a lawyer than a knowledge of the law.

le'gal profes'sion (לי'־געל פרא־פעש'־אן) אדוואקאטור, די יוריסטישע פראפע־סיאן.

le'gal rela'tion (לי'־געל רי־ליי'־שאן) די געזעצליכע רעכטען און פליכטען פון איין פערזאן צו א צווייטער.

le'gal ten'der (לי'־געל טענ'־דער) וואס ווערט געזעצליך אנגענומען אלס געלד צו צאהלען חובות.

Copper coins are not legal tender except for a very limited amount.

leg'antine *a.* (לעג'־ענ־טין) ***legatine*** .ז

leg'atary *n.* (לעג'־ע־טע־רי) א יורש, איינער וועמען מען זאגט עפעס אב בצואה.

leg'ate *n.* (לעג'־אייט) א געזאנדטער, א פערטרעטער פון א שטאאט אדער רע־גירונג אין א פרעמדער מלוכה; א לע־גאט, א פערטרעטער אדער געזאנדטער פון דעם רוימישען פאפסט.

leg'ate a lat'ere (לעג'־אייט ע לעט'־ע־ריע) דעם פאפסט'ס פערטרעטער אדער געזאנדטער, וואס איז א קארדינאל.

leg'ate de lat'ere (לעג'־אייט די לעט'־ע־ריע) דעם פאפסט'ס געזאנדטער אדער פערטרעטער, וואס איז ניט קיין קארדי־נאל.

legatee' *n.* (לעג־ע־טיע') ***legatary*** .ז

leg'ateship *n.* (לעג'־אייט־שיפ) דאס אמט, די ווערדע פון א לעגאט, געזאנדטען אדער פערטרעטער. ***legate*** .ז

leg'atine *a.* (לעג'־ע־טין) וואס איז שייך צו א לעגאט [דעם פאפסט'ס א געזאנדטער אדער פערטרעטער].

lega'tion *n.* (לי־גיי'־שאן) געזאנדשאפט; דאס אמט פון א געזאנדטען; די קאנצע־לאריע פון א געזאנדשאפט; אין די אמא־ליגע צייטען — איינער פון די זעקס שטאאטען אונטער דעם פאפסט'ס הער־שאפט.

lega'tionary *a.* (לי־גיי'־שאנ־ע־רי) וואס איז שייך צו א געזאנדשאפט. ***legation*** .ז

legatis'simo *a. and adv.* (ליי־גע־טיס'־סי־מא) אין מוזיק — לעגאטיסימא, זעהר גלאט, זעהר פעראייניגט, אין גאנ־צען אהן אונטערברעכונגען. ***legato*** .ז

leg'ative *a. and n.* (לעג'־ע־טיוו) וואס מאכט פאר א לעגאט אדער געזאנדטען; וואס גיט די מאכט פון א לעגאט; א לע־גאט. ***legate*** .ז

lega'to *a., adv. and n.* (לע־גא'־טא) אין מוזיק — לעגאטא, גלאט, פעראייניגט, אהן אונטערברעכונגען, גענומען מיט איין אטעם אדער מיט איין פיהר פון'ם בויגען [ווערט בעצייכענט מיט ⌒ איבער די נאטען אדער מיט ‿ אונטער די נאטען]; דאס שפיעלען לעגאטא.

lega'tor *n.* (לי־גיי'־טאר) איינער וואס זאגט אב בצואה.

legatu'ra *n.* (לעג־ע־טוה'־רא) אין מו־זיק—דער צייכען פון לעגאטא. ***legato*** .ז

leg'-bail *n.* (לעג'־בייל) דאס מאכען פליטה; דאס אנטלויפען פון ארעסט אדער געפאנגענשאפט.

leg'-by *n.* (לעג'־באי) א ווארף פון א באל אין קריקעט־שפיעל, אזוי אז ער טרעפט דעם שפיעלער [אבער ניט אין דער האנד] וואס דארף איהם אבקלאפען.

leg'end *n. and v.* (לעדזש'־ענד אדער ליע'־דזשענד) א לעגענדע, א וואונדער־גע־שיכטע, א פאלקס־געשיכטע וועגען פערזי־טיגע וואונדער [וואס איז ניט ריכטיג]; מוזיק צו א לעגענדע; א זאמלונג פון היי־ליגע קריסטליכע שריפטען; א זאמלונג פון געשיכטען וועגען קריסטליכע היילינע; אן אויפשריפט אויף א מטבע; דערצעה־לען ווי א לעגענדע; פערפאסען א לעגענ־דע; מאכען אן אויפשריפט אויף א מטבע.

leg'endary *a. and n.* (לעדזש'־ענ־דע־רי) לעגענדאריש, פאבעלהאפט; א זאמ־לונג פון לעגענדען; א זאמלונג פון לע־בענס־געשיכטען פון קריסטליכע היילינע; א שרייבער אדער דערצעהלער פון לע־גענדען. ***legend*** .ז

leg'endist *n.* (לעדזש'־ענ־דיסט) א לעגענדען־שרייבער.

leg'endize *v.* (לעדזש'־ענ־דאיז) מאכען אן אויפשריפט אויף א מטבע; פערוואנד־לען אין א לעגענדע. ***legend*** .ז

leg'er *a.* (לעדזש'־ער) [ווע־דיג, שמאל; ***leger line*** .ז נען ליניען].

legerdemain' *n.* (לעדזש־ער־די־מיין') א קונץ־שטיק, א פאקוס, א שווינדעל.

legerdemai'nist *n.* (לעדזש־ער־די־מיי'־ניסט) א פאקוסניק, א קונצען־מאכער.

leg'er line (לעדזש'־ער לאין) אין מו־זיק — א צוגעגעבענע ליניע [איבער אדער אונטער די געוועהנליכע פינף נא־טען־ליניען].

leg'er space (לעדזש'־ער ספיים) דער שטח צווישען די צוגעגעבענע ליניען [אין מוזיק]. ***leger line*** .ז

legged *a.* (לעגד) פיסיג, וואס האט פיס.

leggia'dro *adv.* (לע־דזשא'־דרא) מיט לעבעדיגקייט, לוסטיג [א בעצייכנונג אין מוזיק].

leggie'ro *a. and adv.* (לע־דזשיי'־רא) אין מוזיק — לייכט און שנעל.

leg'gin *n.* (לעג'־אין) ***legging*** .ז

leg'ging *n.* (לעג'־איננ) א לעדערנע אדער וואלענע כאָליאווע ביז די קניע וואס מען טראגט אויף די שיך.

leg'gism *n.* (לעג'־איזם) דאס שווינדלען, דאס לעבען פון וועטען אדער שפיעלען [אין קארטען].

leg'-har'ness *n.* (לעג'־האר'־נעס) דער פוס־פאנצער.

leg'horn *a. and n.* (לעג'־הארן) וואס איז שייך צו דער שטאדט ליווארנא [אי־טאליען]; וואס קומט פון ליווארנא, גע־מאכט אין ליווארנא; געמאכט פון איטא־ליענישען שטרוי [וועגען היט]; איטא־ליעניש שטרוי [פאר היט]; א הוט גע־מאכט פון איטאליענישען שטרוי.

Leg'horn *n.* (לעג'־הארן) אזא מין שפא־נישע היהנער פון קליינעם וואוקס, וואס לעגען קליינע ווייסע אייער.

leg'horn plait (לעג'־הארן פלייט) גע־פלאכטענעם ליווארנער שטרוי [פאר היט].

leg'horn straw (לעג'־הארן סטראה) לי־ווארנער אדער איטאליענישעם שטרוי [פון אזא מין ווייץ, געברויכט פאר היט].

legibil'ity *n.* (לעדזש־אי־ביל'־אי־טי) לעזבארקייט, לייכטקייט [צום לעזען]; קלארקייט, דאס קענען דערקענען אדער בעמערקט ווערען.

His handwriting was remarkable for his legibility.

leg'ible *a.* (לעדזש'־איבל) לעזבאר, לייכט צום לעזען; קלאר, וואס מען קען דערקע־נען.

leg'ibleness *n.* (לעדזש'־איבל־נעס) ***legibility*** .ז

leg'ibly *adv.* (לעדזש'־אי־בלי) אזוי מען זאל קענען לייכט לעזען אדער דער־קענען; אויף א קלארען, לעזבארען אופן.

le'gion *n. and v.* (לי'־דזשאן) א לע־גיאן [א מיליטערישע אבטיילונג פון פוס־סאלדאטען אין אמאליגען רוים]; א מי־ליטער־אבטיילונג; א רעגימענט, א מחנה; א גרויסע צאהל; אריינטרעטען אין א לע־גיאן, פארמירען א לעגיאן.

le'gionary *a. and n.* (לי'־דזשאנ־ע־רי) וואס איז שייך צו א לעגיאן; וואס בעשטעהט פון לעגיאנען; צאהלרייך; איינער פון א לעגיאן, א סאלדאט פון א לעגיאן. ***legion*** .ז

Legionary

le'gionize *v.* (לי'־דזשאנ־איז) פארמירען א לעגיאן.

Le'gion of Hon'or (לי'־דזשאן אוו אנ'־אר) דער עהרען־לעגיאן [אן אויס־צייכנונגס־ארדען אין פראנקרייך].

leg'islate *v.* (לעדזש'־איס־לייט) מאכען

נעזעצע, ארויסגעגעבן געזעצע; דורכפיה־רען עפעס דורך געזעצגעבונג.

legisla'tion *n.* (לעדזש־איס־ליי־שאן) געזעצגעבונג; געזעץ־מאכונג; דאס געזעץ.

leg'islative *a.* (לעדזש־איס־ליי־טיוו) געזעצגעבענד; וואס איז שייך צו א גע־זעצגעבער אדער צו א געזעצגעבענדער פערזאמלונג.

Leg'islative Assem'bly (לעדזש־איס־ליי־טיוו ע־סעמ'־בלי) די געזעצגע־בענדע קערפערשאפטען פון פראנקרייך אין די יאהרען 2—1791 און 51—1849; די געזעצגעבענדע קערפערשאפט פון דעם שטאאט ארעגאן און די טעריטאריעס [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע־ריקא].

leg'islative bod'y (לעדזש־איס־ליי־טיוו באד'־אי) א געזעצגעבענדע קערפער־שאפט, א פארלאמענט.

leg'islatively *adv.* (לעדזש־איס־ליי־טיוו־לי) דורך געזעצגעבונג; דורך א גע־זעצגעבענדער קערפערשאפט.

leg'islative pow'er (לעדזש־איס־ליי־טיוו פאו'־ער) געזעצגעבענדע מאכט, די מאכט ארויסצוגעבען און ענדערען געזעצע.

Leg'islative U'nion (לעדזש־איס־ליי־טיוו יו'־ניאן) די פעראייניגונג פון ענגלאנד מיט אירלאנד [אין יאהר 1800].

leg'islator *n.* (לעדזש־איס־ליי־טאר) א געזעצגעבער; א מיטגליעד פון א גע־זעצגעבענדער קערפערשאפט.

legislato'rial *a.* (לעדזש־איס־ליי־טאו'־רי־על) געזעצגעבעריש.

leg'islatorship *n.* (לעדזש־איס־ליי־טאר־שיפ) דאס אמט פון א געזעצגעבער אדער פון א מיטגליעד פון א געזעצגע־בענדער קערפערשאפט.

leg'islatress *n.* (לעדזש־איס־ליי־טרעס) א געזעצגעבערין.

legisla'trix *n.* (לעדזש־איס־ליי־טריקס) א געזעצגעבערין.

leg'islature *n.* (לעדזש־איס־ליי־טשור) א געזעצגעבענדע קערפערשאפט.

le'gist *n.* (לי'־דזשיסט) אן אויטאריטעט אין יוריספרודענץ, א געזעץ־קענער.

leg'itim *n.* (לעדזש־אי־טים) ז. ***legitime***

legit'imacy *n.* (לי־דזשיט'־אי־מיי־סי) געזעצליכקייט; געזעצמעסיגקייט; רעכט־מעסיגקייט; ריכטיגקייט; נאטירליכער אדער לאגישער רעזולטאט; לעגיטימי־טעט [דאס געבוירען ווערען פון א גע־זעצליכער פאר].

legit'imate *v. and a.* (לי־דזשיט'־אי־מייט) מאכען געזעצליך, געזעצמעסיג אדער רעכטמעסיג; לעגיטימירען [ער־קלערען פאר געזעצליך אן אונגעזעצליך קינד]; געזעצמעסיג, רעכטמעסיג, בערעכ־טיגט; פון געזעצליכער געבורט [ניט קיין ממזר]; לאגיש־ריכטיג, בעגרינדעט; ריכ־טיג, ניט נעפעלשט.

legit'imate dra'ma (לי־דזשיט'־אי־מייט דרא'־מא) אן אמת'ע ליטעראריש אדער קלאסישע דראמא; א רעגעלמעסי־גע דראמאטישע ביהנע [אין געגענזאץ צו װאדעװיל].

Vaudeville acting is considered the best training for the **legitimate** drama.

legit'imately *adv.* (לי־דזשיט'־אי־מייט־לי) אויף א געזעצליכען אדער רע־געלמעסיגען אופן; ריכטיג, ניט געפעלשט.

legit'imateness *n.* (לי־דזשיט'־אי־מייט־נעס) ז. ***legitimacy***

legitima'tion *n.* (לי־דזשיט־אי־מיי'־שאן) לעגאליזירונג [דאס מאכען געזעצ־ליך]: דאס לעגיטימירען [ערקלערען פאר געזעצליך אן אונגעזעצליך קינד]; א ציינ־נים וואס בערעכטיגט צו וואהנען אין גע־וויסע פלעצער, זיך צו בעשעפטיגען מיט א געוויסער זאך א. ד. ג.

legit'imatist *n.* (לי־דזשיט'־אי־מע־טיסט) ז. ***legitimist***

leg'itime *n.* (לעדזש־אי־טים) דער טייל פון בעוועגליכען אייגענטום וואס מען קען ניט וועקשענקען אדער אבזאגען בצואה צו פרעמדע, נאר זיי מוזען בליי־בען פאר די קינדער.

legitimisa'tion *n.* (לי־דזשיט־אי־מי־זיי'־שאן) ז. ***legitimation***

legit'imise *v.* (לי־דזשיט־אי־מאיז) ז. ***legitimize***

legit'imism *n.* (לי־דזשיט־אי־מיזם) לעגיטימיזם, אנהענגערשאפט פון געזעצ־ליכער רעגירונגס־מאכט אדער פון גע־זעצליכער ערבשאפט; די בעהויפטונג, אז די רעכטע פון זעלבסטהערשער קומען פון גאט און אז קעניגליכע הערשאפט דארף איבערגעהן בירושה פון דור צו דור.

legit'imist *n.* (לי־דזשיט־אי־מיסט) א לעגיטימיסט, אן אנהענגער פון געזעצ־ליכקייט, איינער וואס גלויבט אין דעם געטליכען רעכט פון קעניגע אויף דעם טהראן. ז. ***legitimism***

Legit'imist *n.* (לי־דזשיט־אי־מיסט) א לעגיטימיסט [אין פראנקרייך] — אן אנהענגער פון די פרעטענדענטען אויף'ן פראנצויזישען טהראן, וואס שטאמען פון דעם קעניג לואיס דעם 14טען; אין שפא־ניען — א קארליסט. ז. [***Carlist***].

legitimis'tic *a.* (לי־דזשיט־אי־מיס'־טיק) לעגיטימיסטיש. ז. ***legitimism***

legitimiza'tion *n.* (לי־דזשיט־אי־מי־זיי'־שאן) ז. ***legitimation***

legit'imize *v.* (לי־דזשיט־אי־מאיז) מאכען געזעצליך, געזעצמעסיג אדער רעכטמעסיג; לעגיטימירען [ערקלערען פאר געזעצליך אן אונגעזעצליך קינד].

leg'less *a.* (לעג'־לעס) אהן פיס.

leg'let *n.* (לעג'־לעט) א רינג אלס ציע־רונג אויף'ן פוס. ז. ***anklet***

leg'-lock *n.* (לעג'־לאק) א פענטע, פוס־קאנדאלען.

leg'-rest *n.* (לעג'־רעסט) עפּוואס אונ־טערצוהאלטען די פיס; א ווייך בעשלא־גען ברעטעל אדער קישעלע אונטערצו־האלטען די פיס.

leg'-stretch'er *n.* (לעג'־סטרעטש־ער) א טרונק בראנפען.

leg'ume *n.* (לעג'־יום) שויטען־פרוכט [וואס וואקסט אין סטרוטשקעס]; אר־בעס, באב.

legu'men *n.* (לי־גיו'־מען) ז. ***legume***

legu'minar *a.* (לי־גיו'־מי־נאר) עהנ־ליך צו שויטען אדער סטרוטשקעס־פרוכט [ווי למשל, באב]; וואס איז שייך צו באב און עהנליכע פלאנצען.

legu'miniform *a.* (לעג־יו'־מין־אי־פארם) עהנליך צו שויטען אדער סטרוטש־קעס־פרוכט [ווי באב, למשל].

legu'minose *a.* (לי־גיו'־מי־נאוס) ז. ***leguminous***

legu'minous *a.* (לי־גיו'־מי־נאס) וואס האט שויטען אדער סטרוטשקעס [ווי אר־בעס, למשל].

Leibnit'zian *a. and n.* (לאיב־ניט'־זי־ען) וואס איז שייך צו דעם דייטשען פילאזאף און מאטעמאטיקער גאטפריעד ווילהעלם לייבניץ [געבארען אין 1646, געשטארבען אין 1716]; אן אנהענגער פון לייבניץ.

Leibnit'zianism *n.* (לאיב־ניט'־זי־ען־איזם) די פרינציפען פון לייבניצעס פילאזאפיע.

leipo'a *n.* (לאי־פאו'־א) דער אויסטרא־לישער פאזאן [אזא גרויסער אויסטראלי־שער פויגעל].



Leipoa

lei'surable *a.* (ליע'־זשור־עבל) וואס איז ניט פערנומען, וואס איז פריי.

lei'surably *adv.* (ליע'־זשור־ע־בלי) פריי, ניט פערנומען.

lei'sure *n. and a.* (ליע'־זשור) 1. פרייע צייט, לעדיגע צייט; 2. פריי, ניט בע־שעפטיגט.

1. He is a man of **leisure**. 2. He is at **leisure** evenings.

lei'sured *a.* (ליע'־זשורד) לעדיג, ניט בעשעפטיגט.

lei'surely *a. and adv.* (ליע'־זשור־לי) אין פרייער צייט; ניט נעאיילט, בעדאכט, לאנגזאם.

They walked and talked **leisurely**.

le'man *n.* (לי'־מען) א געליעבטער, א געליעבטע; קרוין, הארץ.

lem'ing *n.* (לעמ'־אינג) ז. ***lemming***

lem'ma *n.* (לעמ'־ע) א לעמא, א זאץ וואס אויף איהם איז אויפגעבויט דער לאגישער שלוס; די טהעמא, דער ענין; אין מאטעמאטיק — א הילפס־זאץ, וואס דיענט צו בעווייזען דעם הויפט־זאץ.

lem'ming *n.* (לעמ'־אינג) דער לעמינג אדער די סיבירער מויז [א קליין חיה'לע וואס געפינט זיך אין די קעלטערע גע־גענדען פון אייראפא].

Lemming

lem'on *n. and a.* (לעמ'־אן) א לימאנע, א ציטראן; וואס איז צוגעריכט מיט ציט־ראן, וואס האט א ציטראן־געשמאק; פון א ציטראן־קאליר.

lem'on ac'id (לעמ'־אן עס'־איד) ציטראן־זויערע.

lemonade' *n.* (לעמ־א־נייד') לימאנאד.

lem'on-col'or *n.* (לעמ'־אן־קאל'־אר) ציטראן־קאליר.

lem'on-col'ored *a.* (לעמ'־אן־קאל'־ארד) פון ציטראן־קאליר.

lem'on-drop *n.* (לעמ'־אן־דראפ) א ציטראן־קאנפעקט [קאנפעקטען, וועלכע זיינען צוגעריכט מיט דעם זאפט פון ציט־ראנען].

lem'on-grass *n.* (לעמ'־אן־גרעס) קע־מעל־היי [אזא אסט־אינדיש גראז וואס ווערט בענוצט אלס טהעע].

lem'on-juice *n.* (לעמ'־אן־דזשוהס) ציטראן־זאפט.

lem'on-squee'zer *n.* (לעמ'־אן־סקוויע'־זער) א ציטראן־פרעסער [א מא־

שינקע אויסצופרעסען דעם זאפט פון ציט־ רענען].

Lemon-squeezer

Le'mur *n.* (לי'־מויר) דער מין לעמו־ רען אדער האלב־אפען [חיות וואס זיי־ נען עהנליך צו אפען, מיט א לאנגען עק און מיט שארפע שפיציגע ציינער. גע־ פינען זיך אין אסט־אינדיען און אפרי־ קא].

Lemur

lem'ures *n.* (לעמ'־יו־ריז) ביי די אלטע רוימער — די נשמות פון געשטארבענע, וועלכע פערוואנדלען זיך אין בייזע רוחות און פערפאלגען די מענשען.

lend *v.* (לענד) 1. לייהען אדער בארגען אימעצען; מאכען הלואות; 2. געבען, לייסטען [הילף, שטיצע א. ד. ג.].
-2. Lend a hand to the helpless.

len'dable *a.* (לענ'־דעבל) וואס מען קען פערלייהען.

lend a hand (לענד ע הענד) אונטער־ העלפען; העלפען, שטיצען.

lend aid (לענד אייד) געבען הילף.

lend an ear (לענד ען איער) צוהערען.

len'der *n.* (לענ'־דער) איינער וואס פערלייהט געלד, א מלוה.

len'ding *n.* (לענ'־דינג) א געליהענע אדער געבארגטע זאך; א הלואה; דאס לייהען.

le'ne *a.* and *n.* (לי'־ני) גלאט, זאנפט, נישט הויכענד [ווענען דער אויסשפראכע פון געוויסע בוכשטאבען]; א בוכשטאב וועלכער ווערט זאנפט און נישט הויכענד אויסגעשפראכען [ווי ק, פּ, ט]; דאס זאנפטע אטהעמען.

length *n.* (לענגטה) 1. לענג; 2. ווייט־ קייט, א מרחק; א שטח.
2. We walked the length of two miles.

leng'then *v.* (לענג'טהן) מאכען לענ־ גער, פערלענגערען; אויסציהען; לענ־ גער ווערען.

leng'thily *adv.* (לענג'־טהי־לי) אויסגע־ צויגען אין דער לענג; גאנץ לאנג.

leng'thiness *n.* (לענג'־טהי־נעס) לאנג־ קייט; דאס זיין לאנג, אויסגעצויגען.

length of days (לענגטה אוו דייז) אריכת ימים; לאנג לעבען.

length'ways *adv.* (לענגטה'־הוויז) ז. *lengthwise*

length'wise *adv.* (לענגטה'־הוואיז) אין דער לענג.
Arrange the tables lengthwise.

leng'thy *a.* (לענג'־טהי) לאנג; זעהר לאנג; פאנאנדערגעצויגען, לאנגוויילינ.
The preacher delivered a lengthy sermon.

le'nience *n.* (לי'־ניענס) ז. *leniency*

le'niency *n.* (לי'־ניענ־סי) מילדקייט, לינדקייט.
The judge showed leniency in imposing the sentence upon the prisoner.

le'nient *a.* (לי'־ניענט) מילד, לינד; ניט שטרענג, נומהארציג.

le'niently *adv.* (לי'־ניענט־לי) אויף א מילדען אדער לינדען אופן.

len'ify *v.* (לענ'־אי־פאי) מילדערען, לינדערען.

len'itive *a.* and *n.* (לענ'־אי־טיוו) מיל־ דערענד, לינדערענד; א מעדיצין וואס מילדערט אדער לינדערט די שמערצען.

len'itiveness *n.* (לענ'־אי־טיוו־נעס) דאס זיין מילדערענד. ז. *lenitive*

len'ity *n.* (לענ'־אי־טי) מילדקייט, ווייכ־ קייט, זאנפטקייט.

lens *n.* (לענז) א לינז [א שטיקעל גלאז אדער אנדער דורכזיכטיגעס מאטעריאל וואס איז בעגרענצט פון צוויי געבויגענע פלעכען אדער פון איין געבויגענער און איין גראדער פלעכע וואס האט דעם צוועק צו קאנצענטרירען ליכט־שטראהלען אדער זיי פאנאנדערצושפרייטען, ווי די גלעז־ לעך פון שפאקטיוועו, ברילען, ברען־גלע־ זער א. ד. ג.]; די קריסטאל־לינז פון אויג.

Lenses

lent (לענט) געליהען, אוועקגעליהען. ז. *lend*

lent *a.* (לענט) אין מוזיק — לאנגזאם.

Lent *n.* (לענט) די פאסט־צייט [ביי קריסטען], וועלכע דויערט 40 טעג פאר זייער פסח.

lentan'do *adv.* (לענ־טענ'־דא) אין מו־ זיק — פערצעגערענדיג, פערלאנגזאמע־ רענדיג.

len'ten *a.* (לענ'־טען) וואס געהערט צו דער קריסטליכער פאסט־צייט; בענוצט אין פאסט־צייט; ארעם, איינפאך, קלא־ גענדיג.

len'ten fare (לענ'־טען פעהר) א הונ־ גער־מאהלצייט.

len'ten feast (לענ'־טען פיעסט) ז. *lenten fare*

lentic'ula *n.* (לענ־טיק'־יו־לא) א קליי־ נע לינז; א פלעק [אויף פלאנצען].

lentic'ular *a.* (לענ־טיק'־יו־לאר) לינ־ זען־ארטיג, ווי א לינז.

lentic'ularly *adv.* (לענ־טיק'־יו־לאר־ לי) אויף א לינזען־ארטיגען אופן; מיט דער עהנליכקייט צו א לינז.

len'tiform *a.* (לענ'־טי־פארם) וואס האט די פארם פון א לינז.

lentig'erous *a.* (לענ־טידזש'־ע־ראס) וואס האט א קריסטאל־לינז [ווי דאס אויג].

lentig'inose *a.* (לענ־טידזש'־אי־נאוס) געשפרענקעלט, געפלעקט [ווענען פלאנ־ צען].

lentig'inous *a.* (לענ־טידזש'־אי־נאס) ז. *lentiginose*

lenti'go *n.* (לענ־טאי'־גאו) א זומער־ שפרענקעל.

Lenti'go *n.* (לענ־טאי'־גאו) א געוויי־ סער מין מאלוסקעלען.

len'til *n.* (לענ'־טיל) די לינזען־פלאנצע; א לינז; אזא לינזען־פערמיג גלעזעל אין אן אפאראט צום דיסטילירען אלקאהאל.

lentis'cus *n.* (לענ־טיס'־קאס) דער מאס־ טיק־בוים אדער פיסטאציען־בוים. ז. *mastic*

len'tisk *n.* (לענ'־טיסק) ז. *lentiscus*

lenti'tis *n.* (לענ־טאי'־טיס) אן ענטצינ־ דונג פון דער קריסטאל־לינז פון אויג.

len'to *a.* and *adv.* (לענ'־טאו) אין מו־ זיק — לאנגזאם, אויף א לאנגזאמען אופן.

len'toid *a.* (לענ'־טאיד) וואס האט די פארם פון א לינז.

len'tor *n.* (לענ'־טאר) קלעפיגקייט; לאנגזאמקייט.

len'tous *a.* (לענ'־טאס) קלעפעדיג.

l'envoi' *n.* (לאנ־וואוא) א שלום־שורה פון א פאעמע; א נאך־שריפט [א קליינע צוגאבע] צו א ליטעראַרישער שריפט אדער אויפזאץ.

l'envoy' *n.* (לאנ־וואוא') ז. *l'envoi*

Le'o *n.* (לי'־או) דער שטערן־בילד לייב [מזל אריה].

le'onine *a.* (לי'־א־נין) 1. לייביש, ווי א לייב; 2. וואס בעשטעהט פון א לע־ אנינישען פערז [א לאטייניש ער פערז, וואס דער מיטען פון דער שורה גראמט זיך מיט איהר ענד].
1. He was full of leonine courage.

le'oninely *adv.* (לי'־א־נינ־לי) אזוי ווי א לייב.

leop'ard *n.* (לעפּ'־ארד) א לעמפערט.

Leopard

lep'er *n.* (לעפּ'־ער) א קרעציגער, א מצורע.

lep'erous *a.* (לעפּ'־ער־אס) קרעציג, מצורע'דיג.

lep'id *a.* (לעפּ'־איד) פרעהליך, מונטער, וויציג.

lep'idolite *n.* (לעפּ'־אי־דא־לאיט) דער לעפידאליט [א מין שטיין].

lepidop'ter *n.* (לעפּ־אי־דאפּ'־טער) א שמעטערלינג מיט שופען־פליגעלעך.

Lepidop'tera *n.* (לעפּ־אי־דאפּ'־טע־ רא) דער מין שמעטערלינגען וואס האבען שופען־פליגעלעך.

lepidop'teran *a.* and *n.* (לעפּ־אי־ דאפּ'־טע־רען) וואס האט שופען־פליגע־ לעך; א שמעטערלינג מיט שופען־פליגע־ לעך

lepidop'terous *a.* (לעפּ־אי־דאפּ'־טע־ ראס) וואס האט שופען־פליגעלעך [ווע־ גען געוויסע אינזעקטען].

lep'idote *a.* (לעפּ'־אי־דאוט) שופיג, בעדעקט מיט שופען [ווענען פלאנצען].

lep'idoted *a.* (לעפּ'־אי־דאו־טעד) ז. *lepidote*

lep'oriform *a.* (לעפּ'־א־רי־פארם) וואס האט די פארם פון א האז.

lep'orine *a.* (לעפּ'־א־רין) וואס איז שייך צו א האז; האזען־ארטיג.

lep'ra *n.* (לעפּ'־רא) לעפּרא, קרעץ, צרעת.

lep'ric *a.* (לעפ'-ריק) קרעציג; וואס איז שייך צו קרעץ אדער צרעת.

leprol'ogy *n.* (לעפ-ראל'-א-דזשי) לעפראלאגיע, דער טייל פון דער מעדי-צין וואס פערנעהמט זיך מיט קרעץ [צרעת].

lep'rosery *n.* (לעפ'-רא-סע-רי) א שפי-טאל פאר לעפרא-קראנקע [מצורעים].

lepros'ity *n.* (לעפ-ראס'-אי-טי) קרע-ציגקייט.

lep'rosy *n.* (לעפ'-רא-סי) לעפרא, קרעץ, צרעת.

lep'rous *a.* (לעפ'-ראס) קרעציג, מצורע-דיג.

lep'rousness *n.* (לעפ'-ראס-נעס) צרעת, קרעציגקייט.

lep'tiform *a.* (לעפ'-טי-פארם) דין, שמאל, ווארים-ענליך.

leptodac'tyl *a. and n.* (לעפ-טא-דעק'-טיל) וואס האט דינע, בויגיגע פוס-פינ-גער; א פויגעל אדער חיה מיט דינע, בויגיגע פוס-פינגער.

leptol'ogy *n.* (לעפ-טאל'-א-דזשי) דאס אריינלאזען זיך אין גענויע און לאנגוויי-ליגע איינצעלהייטען.

le'rot *n.* (ליר'-ראט) די גארטען-שלאף-מויז אדער וועווערקע-מויז. ז. *dormouse*.

lese'-maj'esty *n.* (ליז'-מעדזש'-עס-טי) מאיעסטעטס-בעליידיגונג; א שטאאטס-פערראטה.

le'sion *n.* (לי'-זשאן) א פערוואונדונג, א קערפערליכע צושעדיגונג; א וואונד.

less *a. and adv.* (לעס) קלענער; ווע-ניגער, מינדער; אין א קלענערען גראד.

lessee' *n.* (לע-סיע') א פאכטער, אן ארענדאטאר [איינער וואס דינגט א מא-יאנטעק, א הויז א. ד. ג., ווערט הויפט-זעכליך געברויכט אלס יורידישער אויס-דרוק].

less'en *v.* (לעסען) מאכען ווינציגער; פערקלענערען, מאכען קלענער; פערמינ-דערען; ערנידריגען; ווערען קלענער, אויסזעהן קלענער; ווערען ווינציגער; פערמינדערט ווערען.

lesse'ning *n.* (לעס'-נינג) פערקלענע-רונג; פערמינדערונג.

less'er *a.* (לעס'-ער) וועניגער, קלענער, מינדער.

God made the **lesser** light to rule the night.

les'ses *n.* (לעס'-עז) מיסט, צאה פון ווילדע חיות.

les'son *n. and v.* (לעסן) 1. א לעהר-שטונדע, אן אורא̈ק, א לעקציע, אן אונ-טעררוכט; א פארלעזונג; 2. די טעקסטען פון הייליגע שריפטען, וואס ווערען גע-לעזען אין קירך אין דער צייט פון גאט-טעס-דינסט; א לעהרע, א מוסר השכל; 3. א פארציע, א פסק; 4. געבען א לעק-ציע; אונטעררוכטען.

1. The boy is studying his **lessons**. 3. This experience will be a **lesson** to you.

les'sor *n.* (לעס'-אר) א פערפאכטער, א פערדינגער [איינער וואס פערדינגט ערד, א הויז, א גוט א. ד. ג. אין ארענדע, ווערט הויפטזעכליך געברויכט אלס יורי-דישער אויסדרוק].

lest *c.* (לעסט) כדי ניט; אויס מורא אז; דערמיט עס זאל ניט.

Take heed **lest** you fall.

let *v. and n.* (לעט) לאזען, ערלויבען; פערפאכטען, פערדינגען; זיין פערדונ-גען, זיין פערפאכטעט; הינדערען, שטע-רען, אבהאלטען; א הינדערניס, אן אב-האלט.

let'-alone' *a.* (לעט'-ע-לאון') פאסיוו, אונטעהטיג.

A **let-alone** policy is often very effective.

let alone' (לעט ע-לאון') 1. שווייג ניט. רעדענדיג; 2. לאזען צו רוה.

1. I would not do it for my father, **let alone** a stranger. 2. She wished to be **let alone**.

let be (לעט בי) לאזען צורוה.

let blood (לעט בלאד) לאזען אן אדער, לאזען בלוט.

letch *v. and n.* (לעטש) ז. *leach*.

letch'y *a.* (לעטש'-אי) ז. *leachy*.

let down (לעט דאון) אראבלאזען, ארונ-טערלאזען.

let drive (לעט דראיוו) אריינפאהרען אין צורה, דערלאנגען א רייב.

let fall (לעט פאהל) ווארפען, ארונ-ווארפען; אראבלאזען; לאזען אראבהענ-גען; לאזען אנטלויפען; לאזען פאלען א בעמערקונג, ארויסרעדען צופעליג.

let fly (לעט פלאי) א ווארף טהאן, שליי-דערען.

let go (לעט גאו) ארויסלאזען, פריילאזען; דורכלאזען אונבעמערקט.

let go amain' (לעט גאו ע-מיין') לאזען שנעל אראב, לאזען די זעגעל אראב.

le'thal *a.* (לי'-טהעל) וואס קען טויטען, טויטליך.

lethar'gic *a.* (לי-טהאר'-דזשיק) לע-טארגיש, אנגעגריפען פון לעטארגיע [הינ-הערפלעט]; פערשלאפען, אפאטיש, אונ-עמפפינדליך.

lethar'gical *a.* (לי-טהאר'-דזשי-קעל) ז. *lethargic*.

lethar'gically *adv.* (לי-טהאר'-דזשי-קעל-אי) אויף א לעטארגישען אופן; אזוי ווי אין הינהערפלעט.

lethar'gicalness *n.* (לי-טהאר'-דזשי-קעל-נעס) דאס זיין לעטארגיש, דאס זיין אין הינהערפלעט.

lethar'gicness *n.* (לי-טהאר'-דזשיק-נעס) ז. *lethargicalness*.

leth'argise *v.* (לעטה'-אר-דזשאיז) ז. *lethargize*.

leth'argize *v.* (לעטה'-אר-דזשאיז) אריינווארפען אין א הינהערפלעט, איינ-שלעפערען אין א לעטארגישען שלאף; בעטויבען.

leth'argy *n.* (לעטה'-אר-דזשי) לעטאר-גישער שלאף, הינהערפלעט; בעטויבטקייט; אונעמפפינדליכקייט.

Le'the *n.* (לי'-טהי) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — דער טייך לעטהע, דער טייך פון פערגעסענהייט [א טייך וואס זיין וואסער, ווען מען האט עס געטרונקען, פלעגט מאכען פערגעסען אלץ וואס עס איז געווען]; פערגעסענהייט.

Lethe'an *a.* (לי-טהי'-ען) פון'ם טייך לעטהע; וואס מאכט פערגעסען אלץ. ז. *Lethe*.

let her rip (לעט הויר ריפ) לאז עס לויפען, זאל עס געהן ווי עס געהט.

lethif'erous *a.* (לי-טהיפ'-ע-ראס) טויטליך, וואס ברייננט טויט.

let in (לעט אין) אריינלאזען; אריינ-שווינדלען, בעטריגען.

let in'to (לעט אינ'-טו) פערטרויען.

He was **let into** the secret.

let loose (לעט לוהס) פריילאזען, אב-בינדען.

let off (לעט אף) 1. אבלאזען, פריילא-זען; 2. אויסשיסען [פייערווערק]; ארויסלאזען [דאמפף].

1. He was **let off** with a warning. 2. The engine **lets off** steam.

let'-off *n.* (לעט'-אף) אן ארויסלאז, אן אויסגאנג; א פרעהליכע הוליאנקע.

let on (לעט אן) 1. צוגעבען [אז עס איז אזוי]; 2. אויסזאגען.

2. You must not **let on** that I am coming.

let out (לעט אוט) ארויסלאזען; בעפריי-ען; פערדינגען, אבגעבען אין ארענדע; אויספלוידערען, אויסדערצעהלען; שלא-גען רעכטס און לינקס; פאנאנדערלאזען א נאהט אדער פאלד; איינציהען א נאהט; בעזייטיגען א פאלד.

let slide (לעט סלאיד) ניט נעהמען אין אנבעטראכט, ניט שענקען קיין אויפמערק-זאמקייט, לאזען עס געהן ווי עס געהט; לאזען לויפען, לאזען אנטרינען ווערען.

let slip (לעט סליפ) לאזען זיך ארויס; גליטשען אדער ארויסדרעהען; ארויסלא-זען פון דער האנד [א געלעגענהייט].

You must not **let** this opportunity **slip** by.

let's see (לעטס סיע) לאמיר בעטראכ-טען [א פערקירצונג פון *let us see*].

Lett *n.* (לעט) א לעט [א מיטגליעד פון לעטישען פאלק, וואס געפינט זיך אין די באלטישע פראווינצען [קורלאנד און ליפ-לאנד] און צום טייל אין וויטעבסקער און מאהילעווער גובערניעס פון רוסלאנד].

let'ter *n. and v.* (לעט'-ער) א בוכשטאב, אן אות; טיפאגראפישע שריפט; דער בוכשטאבליכער זין, די ווערטערליכע בעדיי-טונג, פשט; א בריעף; פאלמאכט; אפי-ציעלער דאקומענט וואס גיט בעשטימטע רעכטע אדער פריווילעגיעס; איינער וואס לאזט אדער ערלויבט; איינגראווירען אדער איינקריצען בוכשטאבען; איינדריי-קען אדער אבשטעמפלען דעם נאמען פון א בוך.

let'ter-bal'ance *n.* (לעט'-ער-בעל'-ענס) א בריעף-וואג [א וואג צום וועגען שריפט-זאכען אדער דרוק-זאכען, וועלכע דארפען געשיקט ווערען פער פאסט].

let'ter-board *n.* (לעט'-ער-באורד) דאס זאץ-ברעט [אזא ברעט אין א דרוקעריי, אויף וועלכען עס ווערט געשטעלט שריפט-זאץ, וועלכע מען דארף פאנאנדערווער-פען]; א ברעט אויף א וואנט מיט אן אויפשריפט [פון דעם נאמען פון דער אייזענבאהן-ליניע א. ז. וו.].

let'ter-book *n.* (לעט'-ער-בוק) אזא בוך אין וועלכען עס ווערען געהאלטען בריעף אדער קאפיעס פון בריעף.

let'ter-bound *a.* (לעט'-ער-באונד) גע-בונדען צום בוכשטאב [וואס האלט זיך בלויז ביי דעם בוכשטאב פון געזעץ, טעקסט א. ד. ג., אבער ניט ביי דעם גייסט אין וועלכען זיי זיינען געשריבען געווא-רען].

let'ter-box *n.* (לעט'-ער-באקס) א בריעף-קאסטען.

let'ter-car'rier *n.* (לעט'-ער-קער'-אי-ער) א בריעף-טרעגער, א פאסטאליאן.

let'ter-case *n.* (לעט'-ער-קייס) א פארט-פעל וואו מען האלט בריעף; א שריפט-קאסטען [אין א דרוקעריי].

let'ter-clip *n.* (לעט'-ער-קליפ) א פא-פיר-קלאמער [אזא קלאמער צום פעסט-האלטען פאפירען]. ז. *clip*.

let'ter-cut'ter *n.* (לעט'-ער-קאט'-ער) א שריפט-שניידער, איינער וואס שניידט אדער קריצט אויס בוכשטאבען.

let'tered *a.* (לעט'-ערד) ליטעראריש גע-בילדעט, וויסענשאפטליך געבילדעט; מיט איינגעדריקטע בוכשטאבען [אויף'ן רו-קען אדער טאוועל פון א בוך]; בעשפרענ-קעלט ווי מיט בוכשטאבען [וועגען חיות אדער פלאנצען].

let'terer *n.* (לעט'-ער-ער) איינער וואס

מאכט די אויפשריפטען אויף צייכנונגען; איינער וואס שרייבט איין אדער קריצט איין בוכשטאבען.

let'ter-file *n.* (לעט'-ער-פאיל) א בריעף-האלטער, א בריעף-קלאמער; א פארטפעל צו האלטען בריעף.

let'ter-foun'der *n.* (לעט'-ער-פאונ'-דער) א שריפט-גיסער.

let'ter-foun'ding *n.* (לעט'-ער-פאונ'-דינג) דאס גיסען שריפט, שריפט-גיסעריי.

let'ter-foun'dry *n.* (לעט'-ער-פאונ'-דרי) א שריפט-גיסעריי.

let'ter-head *n.* (לעט'-ער-העד) א בריעף-בלאנק פון א פערזאן אדער פירמע [בריעף-פאפיער וואס פון אויבען איז אבגעדרוקט דער נאמען פון א פירמע אדער פערזאן]; דער געדרוקטער נאמען פון א פירמע אדער פערזאן און דער אדרעס אויף א בריעף-בלאנק.

let'ter-head'ing *n.* (לעט'-ער-העד'-אינג) דער געדרוקטער נאמען און אדרעס פון א פערזאן אדער פירמע אויף א בריעף-בלאנק.

let'tering *n.* (לעט'-ער-אינג) דאס מאכען אויפשריפטען אויף צייכנונגען א. ד. ג.; דאס אויסדריקען בוכשטאבען אויף'ן רוקען פון א בוך; אן אויפשריפט.

let'tering-box *n.* (לעט'-ער-אינג-באקס) א קליין קעסטעל, וואו איינבינדער [בוך-בינדער] האלטען די בוכשטאבען, וועלכע זיי בענוצען צום אבשטעמפלען די נעמען פון די ביכער.

let'terize *v.* (לעט'-ער-איז) שרייבען בריעף.

let'terless *a.* (לעט'-ער-לעס) אונוויסענד, ניט געלערנט.

let'ter-lock *n.* (לעט'-ער-לאק) א בוכשטאבען-שלאס [א שלאס מיט אנגעצייכענטע בוכשטאבען, וועלכער עפענט זיך און פערשליסט זיך נור דאן, ווען די בוכשטאבען זיינען אויף א געוויסען אופן קאמבינירט איינע מיט די אנדערע].

let'ter mis'sive (לעט'-ער מיס'-איוו) א בריעף פון אן אפיציעלען כאראקטער, וואס ווערט געשיקט צו פערשידענע פערזאנען וועגען אן אנגעלעגענהייט וואס איז צו זיי אלעמען שייך.

let'ter of accredita'tion (לעט'-ער אוו עק-רי-די-טיי'-שאן) א בעגלויבונגס-בריעף, א כתב הרשאה.

let'ter of advice' (לעט'-ער אוו עד-וואיס') א מיטטיילונגס-בריעף, א ווייז-בריעף [א מיטטיילונג וואס איין באנק מאכט צו דער צווייטער וועגען א געשיקטער סומע געלד אויף אימעצענס נאמען; די מיטטיילונג פון א שיף].

let'ter of allot'ment (לעט'-ער אוו ע-לאט'-מענט) ז. *allotment certificate*.

let'ter of attor'ney (לעט'-ער אוו ע-טויר'-ני) א שריפטליכע פאלמאכט וואס איין פערזאן גיט ארויס צו א צווייטער.

let'ter of condo'lence (לעט'-ער אוו קאנ-דאו'-לענס) א טרייסט-בריעף, א מיטליידס-בריעף [א בריעף אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט מיטלייד אדער מיטגעפיהל צו אן אבל].

let'ter of cre'dence (לעט'-ער אוו קרי'-דענס) א רעקאמענדאציאנס-בריעף.

let'ter of cred'it (לעט'-ער אוו קרעד'-איט) א קרעדיט-בריעף [א מיטטיילונג וועגען דעם קרעדיט פון א פערזאן].

let'ter-of'fice *n.* (לעט'-ער-אפ'-איס) א פאסט-קאנטאר.

let'ter of li'cense (לעט'-ער אוו לאי'-סענס) אן אבמאך צווישען א פערענגטען בעל-חוב און מלוים, אז מען זאל איהם פערלייכטערען די אבצאהלונג און איהם לאזען אונגעשטערט אנגעהן מיט זיינע געשעפטען.

let'ter of marque (לעט'-ער אוו מארק) אן ערלויבניש, וואס א רעגירונג גיט ארויס צו איהרע בירגער, אז זיי מעגען ארבאפען אויף'ן ים די שיפען אדער די סחורה פון די בירגער פון א פיינדליכען לאנד אין דער צייט פון קריעג.

let'ter-or'nament *n.* (לעט'-ער-אהר'-נע-מענט) אן ארנאמענט אין דער פארם פון בוכשטאבען.

let'ter-pa'per *n.* (לעט'-ער-פיי'-פער) בריעף-פאפיער, פאסט-פאפיער.

let'ter-press *n.* (לעט'-ער-פרעס) א קאפיר-פרעס [צו קאפירען בריעף].



Letter-press

let'terpress *n. and a.* (לעט'-ער-פרעס) ווערטער געדרוקט מיט א דרוק-מאשין; דער געדרוקטער טעקסט [צו אילוסטראציאנען]; וואס איז שייך צו דרוקעריי פון בוכשטאבען.

let'ter-proud *a.* (לעט'-ער-פראוד) וואס שטאלצירט מיט זיין בילדונג אדער געלערענטקייט.

let'ter-rack *n.* (לעט'-ער-רעק) א בריעף-האלטער [א קעסטעל אדער געשטעל פאר בריעף]; א געשטעל מיט פאציעס צו האלטען דרוק-שריפט פון האלץ.

let'ters *n.* (לעט'-ערז) ליטעראטור; וויסען; געלעהרזאמקייט; בריעף; בוכשטאבען.

let'ters avoc'atory (לעט'-ערז ע-וואק'-ע-טא-רי) די בריעף פון א רעגירונג, דורך וועלכע עס ווערען גערופען אהיים איהרע בירגער, וועלכע געפינען זיך אין א לאנד מיט וועמען זי פיהרט קריעג.

let'ter-scale *n.* (לעט'-ער-סקייל) ז. *letter-balance*.

let'ters clause (לעט'-ערז קלאהז) אין דער ענגלישער יוריספרודענץ — בריעף אין דעם נאמען פון קעניג, פערזיגעלט מיט דעם קעניגליכען זיעגעל.

let'ters close (לעט'-ערז קלאוס) ז. *letters clause*.

let'ters pat'ent (לעט'-ערז פעט'-ענט) א פאטענט-פאפיער [א פאפיער וואס ווערט ארויסגעגעבען פון דער רעגירונג צו אן ערפינדער, אז קיין אנדערער טאר זיך אהן זיין רשות ניט בענוצען מיט זיין ערפינדונג].

let'ters rog'atory (לעט'-ערז ראג'-איי-טא-רי) א בריעף וואס א געריכט פון איין לאנד שיקט צו א געריכט פון א צווייטען לאנד, דאס וועגען א געוויסער קלאגע איז נויטיג ארויסצורופען ערות, וועלכע געפינען זיך אין דער צייט אין יענעם לאנד און אז דאס דארטיגע געריכט זאל אויסהערען זייערע בעווייזע.

let'ter-stamp *n.* (לעט'-ער-סטעמפ) א בריעף-מארקע; א שטעמפעל פון א פאסט-קאנטאר צו שטעמפלען בריעף.

let'ter testamen'tary (לעט'-ער טעס-טע-מענ'-טע-רי) דאס געריכטס-פאפיער, וואס בעפאלמעכטיגט דעם אפעקון צו פערוואלטען איבער דעם אייגענטום פון די יורשים.

let'ter-wood *n.* (לעט'-ער-הוואוד) מוסקאט-האלץ [אזא זארט זיד-אמעריקאניש האלץ פון ברוינעם קאליר מיט שווארצע פלעקען, וואס צייכענט זיך אויס מיט זיין הארטקייט].

let'ter-wri'ter *n.* (לעט'-ער-ראי'-טער) א בריעף-שרייבער; א בריעפען-שטעלער.

let the cat out of the bag (לעט טהי קעט אוט אוו טהי בעג) ארויסלאזען די קאץ פון זאק [אויסזאגען א סוד].

Let'tic *a. and n.* (לעט'-איק) ז. *Lettish*.

let'ting *n.* (לעט'-אינג) דאס פערדינגען.

Let'tish *a. and n.* (לעט'-איש) לעטיש, וואס איז שייך צו די לעטען; די לעטישע שפראך. ז. *Lett*.

let'tuce *n.* (לעט'-אס) דער געווענליכער סאלאט.

let'tuce-bird *n.* (לעט'-אס-בוירד) דער אמעריקאנער גאלדפינק [אזא פויגעל]. ז. *goldfinch*.

let'-up *n.* (לעט'-אפ) א פויזע, אן אבשטעל.

Don't have a let-up in the work.

let up (לעט אפ) 1. אויפהערען, נאכלאזען; 2. אבלאזען, בעפרייען; 3. פערדינגען, פערפאכטען, פערלייהען.

1. The enemy would not let up in its attacks on the fort.

let well enough' alone' (לעט וועל אי-נאף' ע-לאון') טשעפע ניט, לאז עס צורוה.

Don't tempt faith, let well enough alone.

leuce'mia *n.* (ליו-סיע'-מי-א) א געפעהרליכע קראנקהייט, וואס בעשטעהט אין דעם וואס אין בלוט געפינען זיך צופיעל ווייסע בלוט-קייקעלעך.

leu'cin *n.* (ליו'-סין) דאס לייסין [א ווייסער כעמישער פולווער].

leu'cism *n.* (ליו'-סיזם) אין זאאלאגיע — ווייסקייט דורך פעהלען אדער פערלוסט פון קאליר.

leu'cite *n.* (ליו'-סאיט) דער ווייסער גראנאט [אזא מין מינעראל וואס געפינט זיך מייסטענס ביי די וואולקאנען, בעזאנדערס ביי דעם וועזוו אין איטאליען].

leu'cocyte *n.* (ליו'-קא-סאיט) א ווייס בלוט-קייקעלע [איינס פון די ווייסע קייקעלעך וואס געפינען זיך אין בלוט].

leucocyto'sis *n.* (ליו-קא-סאי-טאו'-סיס) א צייטווייליגער איבערפלוס פון ווייסע בלוט-קייקעלעך אין בלוט.

leucoder'mia *n.* (ליו-קא-דויר'-מי-א) א קראנקהאפטע קאלירלאזיגקייט פון דער הויט.

leuco'ma *n.* (ליו-קאו'-מא) א בעלם [אזא ווייס הייטעל אויף'ן אויג].

leucoph'ilous *a.* (ליו-קאפ'-אי-לאס) וואס ליעבט ליכט.

leucorrhe'a *n.* (ליו-קא-רי'-א) אזא ווייסער אויספלוס ביי פרויען וואס קומט פון אן ענטצינדונג אין די געשלעכטליכע ארגאנען.

leu'coscope *n.* (ליו'-קא-סקאופ) אזא אפטישער אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט אבצופראבירען די אויגען אויף פארבען-בלינדהייט.

leuco'sis *n.* (ליו-קאו'-סיס) בלייכקייט אדער בלאסקייט פון דער הויט; דאס בילדען זיך פון א בעלם אויף'ן אויג.

leucosper'mous *a.* (ליו-קא-ספויר'-מאס) וואס האט ווייסע פרוכט אדער ווייסע זאמען.

Levant' *n.* (לי-וועגט') די לעוואנטע, דאס מזרח-לאנד [די לענדער צום מזרח-זייט פון איטאליען, ביים ברעג פון מיטעללענדישען ים, איינשליסענדיג גרי-

כענלאנד און עגיפטען]; די ברעג־געגענד און אינזלען פון קליין־אזיען און סיריען].

levant′ *n.* and *v.* (לי־וועגט׳) דער מזרח־ווינד וואס בלאזט ביי די ברעגען פון מיטעללענדישען ים; א טייערער זארט מאראקא־לעדער; מאכען פליטה, אנטרונען ווערען.

levan′ter *n.* (לי־וועג׳־טער) דער מזרח־ווינד וואס בלאזט ביי די ברעגען פון מיטעללענדישען ים; איינער וואס מאכט פליטה; א ויברח־מאכער; איינער וואס וועט זיך אויף פערד ביים וועט־לויפען און מאכט פליטה ניט בעצאהלענדיג דעם וועט.

Levan′tine *a.* and *n.* (לי־וועג׳־טין) מזרח־לענדיש, אריענטאל, לעוואנטיש; א געבארענער אדער אן איינוואהנער פון לעוואנט אדער אריענט. ז. *Levant*.

levan′tine *n.* (לי־וועג׳־טין) לעוואנ־טין [אזא טייערער געקרעפטער זיידען־שטאף].

leva′tor *n.* (לי־ווי׳־טאר) א הויב־מוסקעל; א כירורגישער אינסטרומענט אויפצוהויבען אן איינגעדריקטען ארט פון שארבען [שיידעל].

levee′ *n.* and *v.* (לע־ווי׳) דער פריה־מארגען־עמפפאנג, די פריהמארגען־אודיענץ [ביי א קעניג אדער אנדערע הויכגעשטעלטע פערזאנען], די פריהמארגען־צוזאמענקונפט; א צוזאמענקונפט פון געסט; א דאמבע ביים ברעג פון א טייך צו פערהיטען פון א פערפלייצונג; א לאנדונגס־פלאץ אדער האפען פאר שיפען; בויען א דאמבע ביים ברעג פון א טייך צו פערהיטען פון א פערפלייצונג.

lev′el *n.*, *a.*, *v.* and *adv.* (לעוו׳־על) דאס ניווא, א האריזאנטאלע גלייכע פלעכע אדער שטח; אן אינסטרומענט צו מעסטען די האריזאנטאלקייט פון פלעכען, ווי א וואסער־וואג, א בליי־ריכט־שנור א. ד. ג.; די הויך פון עטוואס; א מדרגה; הויכקייט; א ריכט־שנור, א ציעל; האריזאנטאל; וואס האט א גראדע און גלייכמעסיגע פלעכע; וואס ליעגט האריזאנטאל; וואס איז אין דערזעלביגער ניווא אדער אין דעמזעלביגען שטח; וואס שטעהט אויף דערזעלביגער הויך אדער מדרגה; גלייך אין ראנג; גלייכמעסיג; גראד, גראד־ליניג; גלייכפערטיג [עהרליך]; שכל׳דיג, איבערלעגט; לאניש; מאכען האריזאנטאל; מאכען פלאך און גלייכמעסיג; ברייננען אין א האריזאנטאלער פלעכע; ריכטען אדער ציעלען גראד צו עטוואס; ציעלען; אראבזעצען אויף דער גלייכער מדרגה אדער אויף דעם גלייכען שטאנד; מאכען גלייך; מאכען פלאך; צופאסען; אויסגלייכען; ניוועלירען [מעסטען די גלייכע הויכקייטען פון אן ארט מיט אן אינסטרומענט אום צו מאכען א פלאן]; בענוצען א ניוועלירונגס־אינסטרומענט אויפצונעהמען א פלאן; אין א גראדער ליניע; אויף א גלייכען אופן.

Levels

lev′el at (לעוו׳־על עט) ציעלען [אין עפעס].

Don't level your criticism at me. I am not to blame.

lev′eler *n.* (לעוו׳־על־ער) איינער וואס גלייכט אויס, וואס מאכט גראד; אן אויסגלייכער; איינער וואס שטרעבט אויסצוגלייכען די פערשידענהייטען אין דער מענשליכער געזעלשאפט; אן איינשטעל־שרויף [א שרויף אין דעם פוס פון א ביליארד־טיש אדער פון וועלכען עס איז אפאראט איינצושטעלען איהם גראד]; איינער וואס גראבט אב די ערד צו מאכען גראד דעם פלאץ.

Lev′eler *n.* (לעוו׳־על־ער) א מיטגליעד פון דער גלייכהייטס־פארטיי אין ענגלאנד ארום דעם יאהר 1647 [די פארטיי האט געשטרעבט אבצושאפען די פערשיעדענע פריווילעגיען־טיטולען און ראנגען פון איינצעלנע פערזאנען און איינפיהרען גלייכהייט אין לאנד].

lev′eling *n.* (לעוו׳־על־אינג) דאס גלייך מאכען; דאס ניוועלירען, דאס בעשטימען די הויכקייט פון פערשידענע פונקטען אין א געגענד [ווי ביים בויען א באהן־ליניע].

lev′eling-in′strument *n.* (לעוו׳־על־אינג־אינ׳־סטרו־מענט) א ניוועליר־אינסטרומענט, א פעלדמעסטונג־אינסטרומענט [אן אינסטרומענט צו מעסטען די הויכקייטען פון א געגענד. ער בעשטעהט הויפטזעכליך פון א טעלעסקאפ].



Leveling-instrument

lev′eling-machine′ *n.* (לעוו׳־על־אינג־מע־שין׳) א שוסטערשע מאשין צום אויסגלייכען דעם זויל [פאדעשוועז] פון א שוך און געבען איהם די ריכטיגע פארם.

lev′eling-pole *n.* (לעוו׳־על־אינג־פאול) ז. *leveling-staff*.

lev′eling-rod *n.* (לעוו׳־על־אינג־ראד) ז. *leveling-staff*.

lev′eling-staff *n.* (לעוו׳־על־אינג־סטעף) א ניוועליר־שטאב אדער א ציעל־שטאנג [אזא שטאנג איינגעטיילט אין גראדען וואס ווערט בענוצט ביים מעסטען די הויכקייטען פון א געגענד מיט א ניוועליר־אינסטרומענט].



Leveling-staff

lev′eller *n.* (לעוו׳־על־ער) ז. *leveler*.

lev′el line (לעוו׳־על לאין) די וואסער־ליניע, דער וואסער־שטאנד [די ליניע ביז וואנען דאס וואסער דערגרעהט].

lev′elling *n.* (לעוו׳־על־אינג) ז. *leveling*.

lev′elly *adv.* (לעוו׳־על־אי) אויף א גראדען אופן; גלייך; גראד.

lev′elness *n.* (לעוו׳־על־נעס) גלייכקייט; גראדקייט; די גלייכע הויך.

lev′el of the wa′ter (לעוו׳־על אוו טהי וואה׳־טער) די אויבערפלעכע פון וואסער, דער וואסער־שפיגעל.

lev′el-point *n.* (לעוו׳־על־פאינט) א בעשטימטער הויך־פונקט, נאך וועלכען מען מעסט און מען פערגלייכט הויכקייטען [ווי דער וואסער־שפיגעל פון ים, למשל].

lev′el to the ground (לעוו׳־על טו טהי גראונד) אין גאנצען חרוב מאכען, ארונטערדרייסען, פאנאנדערווארפען [א הויז] ביז דער ערד.

lev′er *n.* and *v.* (לעוו׳־ער) א הויבעל, א הויבער, א הויב־שטאנג, א הויב־הענטעל; א הויב־געצייג; ארבייטען מיט א הויבעל אדער הויב־שטאנג.

lev′erage *n.* (לעוו׳־ער־איידזש) הויבעל־קראפט, די קראפט וועלכע מען געווינט דורך דער בענוצונג פון א הויב־שטאנג; די ארבייט פון א הויבעל אדער הויב־שטאנג; פערמעהרטע אדער געשטייגערטע קראפט.

lev′eret *n.* (לעוו׳־ער־עט) א יונגער האז, א העזעלע.

lev′er of the first kind (לעוו׳־ער אוו טהי פוירסט קאינד) דער צוויי־ארעמדיגער הויבעל [א הויבעל, וואו דער שטיץ־פונקט איז ניט ביים ברעג און דעריבער שטעלט מיט זיך פאר דער הויבעל ווי צוויי ארעמס (ווי דער באלאנס־שטאנג פון א וואג־שאל)].

lev′er of the sec′ond kind (לעוו׳־ער אוו טהי סעק׳־אנד קאינד) אן איין־ארעמדיגער הויבעל, א הויבעל, וואו דער שטיץ־פונקט איז ביים סאמע ברעג [ווי דער שטאנג פון א פומפע].

lev′er-valve *n.* (לעוו׳־ער־וועלוו) א זיכערהייטס־ווענטיל מיט א הויבעל [א ווענטיל אדער קלאפאן וואס ווערט געהאלטען פערמאכט דורך דעם דרוק פון א געוויכט].

lev′iable *a.* (לעוו׳־אי־עבל) וואס קען ארויפגעלעגט ווערען און געזאמעלט ווערען [ווי שטייער, אבצאהל א. ד. ג.]; וואס קען צונויפגערופען ווערען דורך צוואנג [ווי סאלדאטען].

levi′athan *n.* (לי־וואי׳־ע־טהען) דער לויתן, אן אונגעהויער גרויסע ים־חיה [ווי א וואלפיש, למשל]; אן אונגעוועהנליך־גרויסע זאך.

lev′igable *a.* (לעוו׳־אי־געבל) וואס קען צוריבען ווערען אין דינעם פולווער.

lev′igate *v.* and *a.* (לעוו׳־אי־גייט) דין צוריבען, צופולווערען; גלאט ווי פאלירט [ווענען בלעטער, פרוכט אדער זוימען].

leviga′tion *n.* (לעוו־אי־גיי׳־שאן) צורייבונג, צופולווערונג.

lev′irate *a.* (לעוו׳־אי־רייט) וואס איז שייך צו לעוויראט אדער יבום [דער אלטער דין ביי די אידען און ביי די אנדערע אלטע פעלקער, אז ווען א מאן שטארבט און לאזט ניט קיין קינדער, מוז דער ברודער פון געשטארבענעם הייראטען מיט דער אלמנה, און די קינדער וואס וועלען געבארען ווערען, דארפען זיך רעכענען אלס קינדער פון דעם געשטארבענעם ברודער].

levirat′ic *a.* (לעוו־אי־רעט׳־איק) וואס איז שייך צו לעוויראט אדער יבום. ז. *levirate*.

levirat′ical *a.* (לעוו־אי־רעט׳־אי־קעל) ז. *leviratic*.

levira′tion *n.* (לעוו־אי־ריי׳־שאן) דאס לעוויראט, די מצוה פון מיבם זיין.

lev′itate *v.* (לעוו׳־אי־טייט) שוועבען, שווימען אין דער לופט; מאכען שוועבען אין דער לופט, מאכען לייכט.

levita′tion *n.* (לעוו־אי־טיי׳־שאן) 1. דאס מאכען לייכט; לייכטקייט; 2. דאס מאכען שוועבענד אדער שווימענד אין דער לופטען.

2. Spiritualists claim to be able to practice levitation.

lev'itator *n.* (לעוו'-אי-טיי-טאָר) אַ ספּיריטיסט וואָס גלויבט אין דער פעהיגקייט צו שוועבען אָדער מאַכען שוועבען זאַכען; אַ ספּיריטיסט וואָס ציינט קונצען, ווי זאַכען שוועבען אין דער לופט.

Le'vite *n.* (לי'-וואַיט) אַ לוי, אַ מיטגליעד פון שבט לוי; ביי די פּאַרצייטיגע קריסטען — אַן אונטער-גלח.

Levit'ic *a.* (לי-וויט'-איק) ז. *Levitical*

Levit'ical *a.* (לי-וויט'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו דעם ספר ויקרא [תורת כהנים]; וואָס איז שייך צו די לויים.

Levit'ically *adv.* (לי-וויט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון די לויים; לויט די דינים פון תורת כהנים [ויקרא].

Levit'icus *n.* (לי-וויט'-אי-קאַס) דער ספר ויקרא [תורת כהנים].

Le'vitism *n.* (לי'-וואַיט-איזם) די אויפגאַבען פון די לויים.

lev'ity *n.* (לעוו'-אי-טי) לייכטקייט; לייכטזיניגקייט, ניט-גענעצטקייט.

This matter can not be treated with **levity**.

lev'y *v. and n.* (לעוו'-אי) צונויפרופען אָדער צונויפזאַמלען מיליטער דורך אַ בעפעהל; אַרויפלעגען אָדער זאַמלען דורך צוואַנג [ווי שטייער, אַבצאָהלונג א. ד. ג.]; ברייינגען אין בעוועגונג; ברייינגען צו שטאַנד; אָנהויבען; אַרויפלעגען אַן אַרעסט אויף גיטער אָדער זיי פערנעהמען דורך אַ געזעצליכען בעפעהל אָדער שריפט, כדי איינצומאַהנען געלד ביים איינענטימער; דאָס אַרויפלעגען אָדער זאַמלען דורך צוואַנג [ווי שטייער, אַבצאָהלונג א. ד. ג.]; דאָס צונויפרופען דורך אַ בעפעהל [ווי מיליטער]; דאָס אַרויפלעגען אַן אַרעסט אויף גיטער אָדער זיי פערנעהמען דורך דער געזעצליכער מאַכט, כדי איינצומאַהנען געלד ביים איינענטימער.

lev'y in kind (לעוו'-אי אין קאַינד) אַן אַבצאָהל מיט פּראָדוקטען [אַנשטאָט געלד].

lev'y in mass (לעוו'-אי אין מעס) אַל-געמיינע מיליטער-פפליכט [די פפליכט צו דיענען אין מיליטער וואָס ווערט אַרויפגעלעגט אין אַ לאַנד אויף אַלע בירגער, וועלכע זיינען פעהיג צו מיליטער-דיענסט].

lev'y on (לעוו'-אי אָן) אַרויפלעגען אַן אַרעסט אויף גיטער דורך דעם געזעץ, כדי איינצומאַהנען געלד פון איינענטימער.

lev'y war (לעוו'-אי הוואָהר) אָנהויבען אַ קריעג.

lewd *a.* (ליוד) תאוה'דיג, צולאָזען, אויסגעלאָסען.

lewd'ly *adv.* (ליוד'-לי) אויף אַ תאוה'דיגען אָדער אויסגעלאָסענעם אופן.

lewd'ness *n.* (ליוד'-נעס) צולאָזענקייט, אויסגעלאָסענקייט.

lew'is *n.* (ליו'-איס) אַ פאַרריכטונג איינצוקלאַמערען אַ שטיין ביים אויפהויבען איהם מיט אַ הויב-מאַשין.

lew'is-hole *n.* (ליו'-איס-האָול) אַ לאָך אין אַ שטיין, וואו עס בעפעסטיגט זיך אַ פאַרריכטונג איהם איינצוקלאַמערען ביים אויפהויבען איהם מיט אַ הויב-מאַשין.

lex. אַבקירצונג פון *lexicon*

lex'ical *a.* (לעק'-סי-קעל) לעקסיקאַליש, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ווערטער-בוך; וואָס איז שייך צו דעם ווערטער-שאַץ פון אַ שפּראַך.

lex'ically *adv.* (לעק'-סי-קעל-אי) אין בעצוג צו דעם ווערטער-שאַץ פון אַ שפּראַך אָדער צו אַ ווערטער-בוך.

lexicog'rapher *n.* (לעק-סי-קאָג'-רע-פער) אַ לעקסיקאָגראַף [איינער וואָס שטעלט צונויף אַ ווערטער-בוך].

lexicograph'ic *a.* (לעק-סי-קאָ-גרעפ'-איק) לעקסיקאָגראַפיש, וואָס איז שייך צו דער קונסט פון צונויפשטעלען ווערטער-ביכער.

lexicograph'ical *a.* (לעק-סי-קאָ-גרעפ'-אי-קעל) ז. *lexicographic*

lexicog'raphy *n.* (לעק-סי-קאָג'-רע-פי) לעקסיקאָגראַפיע, די צוזאַמענשטעלונג פון ווערטער-ביכער; די קונסט אָדער וויסענשאַפט פון צונויפשטעלען ווערטער-ביכער.

lexicolog'ical *a.* (לעק-סי-קאָ-לאָדזש'-אי-קעל) לעקסיקאָלאָגיש, וואָס איז שייך צו לעקסיקאָלאָגיע אָדער ווערטער-וויסענשאַפט. ז. *lexicology*

lexicol'ogist *n.* (לעק-סי-קאָל'-אָ-דזשיסט) אַ לעקסיקאָלאָג, אַ קענער אין לעקסיקאָלאָגיע. ז. *lexicology*

lexicol'ogy *n.* (לעק-סי-קאָל'-אָ-דזשי) לעקסיקאָלאָגיע, ווערטער-וויסענשאַפט [די וויסענשאַפט, וואָס פאָרשט אויס ווערטער, זייערע פאָרמען, בעציהונגען, בעדייטונגען און אַבשטאַמונג].

lex'icon *n.* (לעק'-סי-קאָן) אַ לעקסיקאָן, אַ ווערטער-בוך.

lexigraph'ic *a.* (לעק-סי-גרעפ'-איק) לעקסיגראַפיש, וואָס איז שייך צו דער ערקלערונג פון ווערטער.

lexigraph'ical *a.* (לעק-סי-גרעפ'-אי-קעל) ז. *lexigraphic*

lexig'raphy *n.* (לעק-סיג'-רע-פי) לעקסיגראַפיע, די ערקלערונג פון ווערטער.

lexiphan'ic *a.* (לעק-סי-פען'-איק) באָמבאַסטיש, שטאַרק מליצה'דיג, וואָס רעדט מיט אַן אויפגעבלאָזענער שפּראַך.

lexiphan'icism *n.* (לעק-סי-פען'-אי-סיזם) אַ באָמבאַסטישע, אויפגעבלאָזענע שפּראַך.

ley *n.* (ליי) דער פּראָדוקט; דער ווערטה.

Ley'den jar (לאַי'-דען דזשאַר) די ליי-דען-פלאַש [אַזאַ גלעזערנער אַפּאַראַט אין דער פאָרם פון אַ פלאַש צו זאַמלען סטאַטישע עלעקטריציטעט].

Ley'den vi'al (לאַי'-דען וואַי'-על) ז. *Leyden jar*

leze'-maj'esty *n.* (ליעז'-מעדזש'-עס-טי) ז. *lese-majesty*

L. H. ראשי תבות פון *left hand* — אין מוזיק

liabil'ity *n.* (לאַי-ע-ביל'-אי-טי) פערַאַנטוואָרטליכקייט; פערפליכטונג; חוב; נייגונג, גענייגטקייט; דאָס זיין אויסגעזעצט אָדער אונטערגעוואָרפען [צו דער ווירקונג אָדער געפאַהר פון עפּעס].

li'able *a.* (לאַי'-עבל) פעראַנטוואָרטליך; פערפליכטעט; גענייגט, אויסגעזעצט, אונטערוואָרפען [צו דער ווירקונג אָדער געפאַהר פון עפּעס].

One who spits in public places is **liable** to be punished with a fine or imprisonment.

li'ableness *n.* (לאַי'-עבל-נעס) ז. *liability*

li'able to a tax (לאַי'-עבל טו ע טעקס) מחויב צו צאָהלען שטייערען.

liaison' *n.* (לי-איי-זאָן') אַ פערבינדונג; אַ נאָהנטע שייכות; אונגעזעצליכע ליעבעס-פערהעלטניסע צווישען אַ מאַן און אַ פרוי; דאָס קאָכען שפּייזען צוזאַמען מיט געשלאָגענע אייער אָדער עהנליכע שטאָפען, וועלכע האַלטען די שפּייזען צוזאַמען; די פערבינדונג אין דער אויסשפּראַך פון צוויי פראַנצויזישע ווערטער, ווען דאָס ערשטע ענדיגט זיך מיט אַ קאָנסאָנאַנט און דאָס צווייטע הויבט זיך אָן מיט אַ וואָקאַל.

lian'a *n.* (לי-ען'-אַ) ליאַנען [קלעטערענדע פלאַנצען, וואָס פלעכטען אַרום די ביימער אין די טראָפּישע וועלדער].

Lianas

liane' *n.* (לי-ען') ז. *liana*

li'ar *n.* (לאַי'-אַר) אַ ליגנער.

liard' *n.* (ליאַר) אַ פאַרצייטיגע פלאַנצויזישע קליינע מטבע [אַן אַכטעל פון אַן אַמעריקאַנישען סענט].

Li'as *n.* (לאַי'-אַס) ליאַס [אַ געאָלאָגישע שיכט]; קאַלכשטיין.

lib. אַבקירצונג פון *liber* [אַ טייל פון אַ בוך; אַ בוך אין וועלכען מען האַלט געזעצליכע דאָקומענטען].

lib'anomancy *n.* (ליב'-ע-נאָ-מענ-סי) נביאות דורך רויכערען ווייראויך.

libanotoph'orous *a.* (ליב-ע-נאָ-טאָפ'-אָ-ראָס) וואָס פּראָדוצירט ווייראויך.

li'bate *v.* (לאַי'-בייט) ברייינגען אַ געטראַנק-אָפּפער [קרבן נסך].

liba'tion *n.* (לאַי-ביי'-שאָן) אַ געטראַנק-אָפּפער [קרבן נסך].

li'batory *a.* (לאַי'-בע-טאָ-רי) וואָס איז שייך צו אַ געטראַנק-אָפּפער [קרבן נסך].

li'bel *n. and v.* (לאַי'-בעל) אַ פּאַסקוויל; אַ פערלוימדונג [מעהרסטענס אַ שריפטליכע]; אַ געריכטליכע קלאַגע [הויפּטזעכליך אין אַ קירכען-געריכט אָדער אין אַן אַדמיראַליטעטס-געריכט]; אַרויסלאָזען אַ פּאַסקוויל אויף אימעצען, פערלוימדען [מעהרסטענטייל שריפטליך]; אָנקלאָגען אין געריכט.

li'belant *n.* (לאַי'-בעל-אַנט) ז. *libellant*

li'beler *n.* (לאַי'-בעל-ער) ז. *libeller*

li'belist *n.* (לאַי'-בעל-איסט) ז. *libeller*

li'bellant *n.* (לאַי'-בעל-ענט) אַ פּאַסקווילען-שרייבער; אַ פערלוימדער; אַ קלעגער [הויפּטזעכליך אין אַ קירכען-געריכט אָדער אין אַן אַדמיראַליטעטס-געריכט].

li'beller *n.* (לאַי'-בעל-ער) אַ פּאַסקווי-לאַנט; אַ פערלוימדער.

li'bellist *n.* (לאַי'-בעל-איסט) ז. *libeller*

li'bellous *a.* (לאַי'-בעל-אָס) פערלוימדעריש.

li'bellously *adv.* (לאַי'-בעל-אָס-לי)

דורך פערלוימדונג; אויף א פערלוימדערישען אופן.

Libel'lula *n.* (לאי-בעל'-יו-לא) די ליבעלען [א מין אינזעקטען, צו וועלכע עס בעלאנגען די דראכען-פליגען]. ז. ***dragon-fly***.

libel'lula *n.* (לאי-בעל'-יו-לא) א דראכען-פליג. ז. ***dragon-fly***.

libel'luline *a.* (לאי-בעל'-יו-לין) עהנליך צו א דראכען-פליג. ז. ***dragon-fly***.

li'belous *a.* (לאי'-בעל-אם) פערלוימדעריש.

li'belously *adv.* (לאי'-בעל-אם-לי) אויף א פערלוימדערישען אופן; דורך פערלוימדונג.

li'ber *n.* (לאי'-בער) די אינערע קארע פון פלאנצען; א טייל פון א בוך; א בוך וואו מען האלט געזעצליכע דאקומענטען.

lib'eral *a. and n.* (ליב'-ע-רעל) ליבעראל; פרייזיניג; פראגרעסיוו; פרייגיביג; גרויסמוטיג; ניט שמאל-קעפיג, ניט ענגהארציג, טאלעראנט; אהן פאראורטיילע; וואס פאסט פאר א פרייען מענשען; פריי, ברייט, פיעלזייטיג, אונבעצוואונגען; פיעל, רייך, איבער-גענוג; א ליבעראל; א פרייזיניגער.

Lib'eral *n.* (ליב'-ע-רעל) א מיטגליעד פון א ליבעראלער פארטיי.

lib'eral arts (ליב'-ע-רעל ארטס) די הומאניטארע וויסענשאפטען [ווי היסטאריע, סאציאלאגיע, פילאזאפיע א. ד. ג.].

Technical schools do not offer an education in liberal arts.

lib'eral educa'tion (ליב'-ע-רעל עד-יו-קיי'-שאן) א ברייטע, פיעלזייטיגע ערציהונג; העכערע שול-בילדונג.

liberalisa'tion *n.* (ליב-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) ז. ***liberalization***.

lib'eralise *v.* (ליב'-ע-רעל-איז) ז. ***liberalize***.

lib'eralism *n.* (ליב'-ע-רעל-איזם) ליבעראליזם, פרייזיניגקייט, דאס זיין פראגרעסיוו.

lib'eralist *n.* (ליב'-ע-רעל-איסט) א ליבעראל, א פראגרעסיווער, א פרייזיניגער.

liberalis'tic *a.* (ליב-ע-רע-ליס'-טיק) ליבעראל, פרייזיניג, פראגרעסיוו.

liberal'ity *n.* (ליב-ע-רעל'-אי-טי) 1. פרייגיביגקייט; עטוואס וואס ווערט געגעבען מיט דער ברייטער האנד; 2. פרייהייט פון פאראורטיילע, טאלעראנץ.

1. He is noted for his liberality in matters of charity.

liberaliza'tion *n.* (ליב-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען ליבעראל, פרייזיניג, פראגרעסיוו, פריי פון פאראורטיילע, טאלעראנט.

lib'eralize *v.* (ליב'-ע-רעל-איז) מאכען ליבעראל; בעפרייען פון פאראורטיילע.

lib'erally *adv.* (ליב'-ע-רעל-אי) 1. אויף א ליבעראלען אופן; אהן פאראורטיילע, מיט טאלעראנץ; 2. מיט דער ברייטער האנד; 3. צו פריי, צולאזען.

2. The hero was liberally rewarded for his bravery.

lib'eralness *n.* (ליב'-ע-רעל-נעס) ז. ***liberality***.

Lib'eral par'ty (ליב'-ע-רעל פאר'-טי) די ליבעראלע פארטיי, די פראגרעסיווע פארטיי אין ענגלאנד.

lib'eral thanks (ליב'-ע-רעל טהענקס) פיעל דאנקבארקייט, א גרויסער דאנק!

lib'erate *v.* (ליב'-ע-רייט) בעפרייען; אבשיידען, אבטיילען.

libera'tion *n.* (ליב-ע-ריי'-שאן) בעפרייאונג; אבזונדערונג, אבשיידונג.

libera'tionism *n.* (ליב-ע-ריי'-שאנ-איזם) די פרינציפען פון דער ענגלישער פארטיי, וועלכע פאדערט די אבשאפונג פון דער אנגליקאנישער קירך אלס שטאאטס-קירך.

libera'tionist *n.* (ליב-ע-ריי'-שאנ-איסט) איינער וואס פאדערט, אז די אנגליקאנישע קירך זאל אין ענגלאנד אבגעשאפט ווערען אלס שטאאטס-קירך.

lib'erator *n.* (ליב'-ע-ריי-טאר) א בעפרייער.

liberta'rian *n. and a.* (ליב-ער-טיי'-רי-ען) אן אנהענגער פון דער לעהרע וועגען פרייען ווילען; וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען פרייען ווילען.

liberta'rianism *n.* (ליב-ער-טיי'-רי-ענ-איזם) דער גלויבען אין פרייען ווילען.

lib'erticide *n.* (ליב'-ער-טי-סאיד) א פרייהייטס-הענקער; דער טויט פון פרייהייט, די פערניכטונג פון פרייהייט.

lib'erties *n.* (ליב'-ער-טיז) 1. א פלאץ, וואו עס גילטען געוויסע רעכטע; גרענעצען פון אזא פלאץ; 2. פרייהייטען, פריווילעגיען, פרייהייטס-רעכטע; 3. צופיעל פאמיליאריטעט, אונפאסיגע בענעהמונג.

2. The country was conquered and the people were robbed of their liberties. 3. He takes too many liberties in dealing with his friend.

lib'ertinage *n.* (ליב'-ער-טינ-עדזש) ז. ***libertinism***.

lib'ertine *n. and a.* (ליב'-ער-טין) א צולאזענער אדער אויסגעלאסענער מענש; א בעפרייטער שקלאף [אין אמאליגען רוים]; א פרייזיניגער; צולאזען, אויסגעלאסען; פרייזיניג.

Lib'ertine *n.* (ליב'-ער-טין) די ליבערטינער [א פאנטעאיסטישע סעקטע פון 16טען יאהרהונדערט, וואס האט געהאלטען, אז עס איז ניטא קיין אונטערשיעד צווישען גוטס און שלעכטס, ווייל וואס א מענש זאל ניט טהאן, טהוט ער גאט'ס ווילען, און ער בעגעהט דאריבער קיין מאל קיין זינד ניט].

lib'ertinism *n.* (ליב'-ער-טינ-איזם) אונבעצוואונגענהייט, צולאזענקייט, אויסגעלאסענהייט; פרייזיניגקייט; פרייהייט [פון שקלאפעריי].

lib'erty *n.* (ליב'-ער-טי) פרייהייט; פרייער ווילען; ערלויבניש [הויפטזעכליך פאר א מאטראז צו פערלאזען די שיף]; א רעכט, א פריווילעגיע.

lib'erty-book *n.* (ליב'-ער-טי-בוק) א בוך אויף א קריעגס-שיף, וואו עס ווערט פערשריבען דער אורלויב [צייטווייליגע בעפרייאונג] פון די מאטראזען.

lib'erty-boy *n.* (ליב'-ער-טי-באי) א מאטראז אין אורלויב אדער צייטווייליגער פרייהייט פון דיענסטע אויף דער שיף.

lib'erty-cap *n.* (ליב'-ער-טי-קעפ) דאס פרייהייטס-היטעלע [א מין היטעלע, וואס פלעגט זיך רופען "דאס פריגישע" און וואס מען פלעגט אנטהאן א בעפרייטען שקלאף אין אלטען רוים אלס צייכען פון זיין פרייהייט. אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן איז געווען א מאדע צו טראגען אויף'ן קאפ רויטע מיצלעך, "פרייהייטס-היטלעך", אלס צייכען פון רעוואלוציאן].

libe'rty-man *n.* (ליב'-ער-טי-מען) ז. ***liberty-boy***.

lib'erty of the press (ליב'-ער-טי אוו טהי פרעס) פרעס-פרייהייט, די פרייהייט פון געדרוקטען ווארט.

Lib'erty par'ty (ליב'-ער-טי פאר'-טי) די פרייהייטס-פארטיי [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א פארטיי וואס האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1839 און האט געפאדערט די בעפרייאונג פון די נעגער-שקלאפען].

lib'erty-par'ty *n.* (ליב'-ער-טי-פאר'-טי) די מיטגליעדער פון א שיפס-מאנשאפט וואס האבען געקראגען ערלויבניש צו פערלאזען די שיף.

lib'erty-pole *n.* (ליב'-ער-טי-פאול) א פרייהייטס-שטאנג [אוועקגעשטעלט צום צייכען פון געוואונענער פרייהייט און בעציערט מיט פערשיעדענע סימבאלען פון פרייהייט].

lib'erty-tick'et *n.* (ליב'-ער-טי-טיק'-עט) דער אורלויב-שיין [א שיין אדער צייגניס, אז א מאטראז איז צייטווייליג בעפרייט פון דיענסט].

lib'erty-tree *n.* (ליב'-ער-טי-טריע) א פרייהייטס-בוים [געפלאנצט צום אנדענקען פון געוואונענער פרייהייט].

libid'inist *n.* (לי-ביד'-אי-ניסט) א בעל-תאוה, א צולאזענער, אן אויסגעלאסענער.

libidinos'ity *n.* (לי-ביד-אי-נאס'-אי-טי) צולאזענקייט, אויסגעלאסענהייט, תאוה'דיגקייט.

libid'inous *a.* (לי-ביד'-אי-נאס) תאוה'דיג, צולאזען, אויסגעלאסען; ערוועקענד תאוה.

libid'inously *adv.* (לי-ביד'-אי-נאס-לי) מיט תאוה; אויף אן אויסגעלאסענעם אדער צולאזענעם שטייגער.

libid'inousness *n.* (לי-ביד'-אי-נאס-נעס) ז. ***libidinosity***.

li'bra *n.* (לאי'-ברא) א פונט [שפאנישער אדער איטאליענישער]; א רוימישער פונט.

Li'bra *n.* (לאי'-ברא) מזל מאזנים [א געוויסע צונויפשטעלונג פון א שטערען-גרופע].

li'bral *a.* (לאי'-ברעל) פונטיג, וואס וועגט א [רוימישען] פונט.

libra'rian *n.* (לאי-בריי'-רי-ען) א ביבליאטעקאר.

libra'rianship *n.* (לאי-ברע'-רי-ענ-שיפ) דאס אמט פון א ביבליאטעקאר.

li'brary *n.* (לאי'-ברע-רי) א ביבליאטעק.

li'brate *v.* (לאי'-בריים) האלטען אין גלייכגעוויכט; זיין אין גלייכגעוויכט; וואקלען זיך, זיך וויעגען [ווי א וואגשאל ביים קומען אין גלייכגעוויכט].

libra'tion *n.* (לאי-בריי'-שאן) דאס גלייכגעוויכט; דאס וויעגען זיך, דאס וואקלען זיך [ווי א וואגשאל ביים קומען אין גלייכגעוויכט].

li'bratory *a.* (לאי'-בריי-טא-רי) וואס איז אין גלייכגעוויכט; זיך וואקלענד, זיך וויעגענד [ווי א וואגשאל ביים קומען אין גלייכגעוויכט].

libret'tist *n.* (לי-ברעט'-איסט) א ליברעטען-שרייבער, איינער וואס שרייבט ליברעטאס [די ווערטער, דעם טעקסט פאר אפעראס אדער אראטאריעס].

libret'to *n.* (לי-ברעט'-או) א ליברעטא [דער טעקסט, די ווערטער פון אן אפערא אדער אראטאריע].

li'briform *n.* (לאי'-ברי-פארם) עהנליך צו לוב [אינערע קארע].

lice *n.* (לאיס) לייז. ז. ***louse***.

lice'bane *n.* (לאיס'-ביין) לויז-קרויט [א מין ריטער-שפארן פלאנצע]. ז. ***larkspur***.

li'cence *n.* (לאי'-סענס) אן ערלויבניש, פאטענט, פריווילעגיע; צולאזענקייט, אויסגעלאסענהייט; די פרייהייט אבצוווייכען פון אנגענומענע כללים [אין ליטעראטור און קונסט].

li'cencer *n.* (לאי'-סען-סער) ז. *licenser*

li'censable *a.* (לאי'-סען-סעבל) אויף וואס מען קען קריגען אן ערלויבניס, א פאטענט אדער א פריווילעגיע.

li'cense *n. and v.* (לאי'-סענס) ערלויבניש, פאטענט, פריווילעגיע; צולאזענקייט, אויסגעלאסענהייט; די פרייהייט אבצוווייכען פון אנגענומענע כללים [אין ליטעראטור אדער קונסט]; געבען אן ערלויבניש אדער פריווילעגיע.

licensee' *n.* (לאי-סען-סיע') איינער וואס בעקומט אן ערלויבניש אויף עפעס, א פאטענט אדער פריווילעגיע.

li'cense out'wards (לאי'-סענס אוט'-הווארדז) ערלויבניש־שיין אויף ארויסצופיהרען סחורות.

li'censer *n.* (לאי'-סען-סער) איינער וואס גיט אן ערלויבניש אויף עפעס, א פאטענט אדער א קאנצעסיע.

li'censer of the press (לאי'-סען-סער אוו טהי פרעס) א צענזאר.

li'cense-tax *n.* (לאי'-סענס-טעקס) אן איינקונפט־שטייער אויף קארפאראציאנען. ז. *corporation*

li'censing mag'istrate (לאי'-סען-סינג מעדזש'-איס-טרייט) א בעאמטער אין דער מאגיסטראטור וועלכער בעשעפטיגט זיך ספעציעל מיט ארויסגעבען קאנצעסיאנען און פאדריאדען.

li'censor *n.* (לאי'-סען-סאר) ז. *licenser*

licen'tiate *n.* (לאי-סען'-שי-אייט) א ליצענציאט [איינער וואס האט ערלויבניש פון אן אוניווערזיטעט צו פראקטיצירען מעדיצין, יורי א. ד. ג.]; אן אקאדעמישער טיטול [אין איירָאפא] צווישען באקאלאורוס און דאקטאר; איינער וואס האט א דיפלאם, א פאטענט אדער א פריווילעגיע אויף עפעס.

licen'tiateship *n.* (לאי-סען'-שי-אייט-שיפ) דאס זיין א ליצענציאט. ז. *licentiate*

licentia'tion *n.* (לאי-סען-שי-איי'-שאן) דאס געבען רעכט אדער ערלויבניש אויף עפעס; דאס געבען א פאטענט אדער דיפלאם.

licen'tious *a.* (לאי-סען'-שאס) צולאזען, אויסגעלאסען.

licen'tiously *adv.* (לאי-סען'-שאס-לי) מיט צולאזענקייט, מיט אויסגעלאסענקייט.

licen'tiousness *n.* (לאי-סען'-שאס-נעס) צולאזענקייט, אויסגעלאסענהייט.

li'cet *n.* (לאי'-סעט) א פארמעלע ערלויבניש צו טהאן עפעס; אויטאריזירונג.

li'chen *n.* (לאי'-קען) א לישאיע־פלאנצע [אזא מין שוועמעל־פלאנצע, וואס וואקסט אויף שטיינער, ווענד, דעכער א. ז. וו. איז פערשפרייט אין אלע טיילען פון דער וועלט און וואקסט אויף אין די קעלטסטע געגענדען, וואו עס וואקסען ניט קיין אנדערע זאכען], מאה; א לישאי [אויף דער הויט].

Lichen

lichena'ceous *a.* (לאי-קע-ניי'-שאס) עהנליך צו א לישאי [אויף דער הויט]; עהנליך צו א לישאיע־פלאנצע. ז. *lichen*

lichen'ic *a.* (לאי-קען'-איק) וואס איז שייך צו לישאיע־פלאנצען, וואס קומט פון לישאיע־פלאנצען. ז. *lichen*

li'cheniform *a.* (לאי'-קען-אי-פארם) עהנליך צו א לישאיע־פלאנצע. ז. *lichen*

li'chenin *n.* (לאי'-קען-אין) א מין קראכמאל וואס מען בעקומט פון איינינע מינים לישאיע־פלאנצען. ז. *lichen*

li'chenist *n.* (לאי'-קען-איסט) איינער וואס שטודירט די לישאיע־פלאנצען. ז. *lichen*

lichenog'raphy *n.* (לאי-קע-נאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון לישאיע־פלאנצען. ז. *lichen*

lichenol'ogy *n.* (לאי-קע-נאל'-א-דזשי) דער טייל פון באטאניק וואס בעשעפטיגט זיך מיט לישאיע־פלאנצען. ז. *lichen*

lich'-fowl *n.* (ליטש'-פאול) דער ציעגען־מעלקער אדער די נאכט־שוואלב [אזא פויגעל]. ז. *goatsucker*

lich'-gate *n.* (ליטש'-גייט) א פארהויף מיט א דאך ביים אריינגאנג אין א קלויסטער, וואו מען האלט א מת, איידער מען טראגט איהם אריין אין קלויסטער.



Lich-gate

lichi' *n.* (ליע-טשי') לעטשי אדער צווילינגס־פלוים [אזא כינעזישע יאגדע, עהנליך צו מאלינעס].

lich'-owl *n.* (ליטש'-אול) די טויטען־סאווע [אזא נאכט־פויגעל. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם גלויבען, אז איהר געשריי זאגט אן אויף טויט].

lic'it *a.* (ליס'-איט) ערלויבט פון געזעץ; געזעצליך.

licita'tion *n.* (ליס-אי-טיי'-שאן) א ליציטאציע, אן אויקציאן.

lic'itly *adv.* (ליס'-איט-לי) ערלויבט פון געזעץ; געזעצליך.

lic'itness *n.* (ליס'-איט-נעס) געזעצליכקייט.

lick *v. and n.* (ליק) לעקען; שלאגען, אנברעכען די ביינער; בעקומען; איבערשטייגען; דאס לעקען; א לעק; א שמיער; א דינע שיכט פארב; א פלאץ ביי זאלץ־קוואלען [וואוהין חיות קומען אום צו לעקען די זאלץ]; אן אנשטרענגונג, א פראבע צו טהאן עפעס.

lick'-dish *n.* (ליק'-דיש) א טעלער־לעקער, א פאראזיט, א דארמאיעדניק.

lick'er *n.* (ליק'-ער) א לעקער; א שלעגער; דער אויל־לעקער [א פאררינכטונג ביי א מאשין איבערצוגעבען אויל צו געוויסע טיילען פון דער מאשין].

lick'erish *a.* (ליק'-ער-איש) געשמאק; וואס דערוועקט אפעטיט אדער בענעהר; נאשעריש, איבערקלייבעריש.

lick'erishly *adv.* (ליק'-ער-איש-לי) אויף א נאשערישען אופן; מיט געלוסט.

lick'erishness *n.* (ליק'-ער-איש-נעס) דאס זיין נאשעריש; געלוסט; איבערקלייבעריי, פיינער געשמאק.

lick'ety-cut' *adv.* (ליק'-ע-טי-קאט) ז. *lickety-split*

lick'ety-split' *adv.* (ליק'-ע-טי-ספליט) זעהר שנעל; ראש.

lick'ing *n. and a.* (ליק'-אינג) 1. דאס שלאגען; דאס אנברעכען די ביינער. 2. דאס לעקען; לעקענד.

1. I will give you a **licking** if you don't behave.

lick in'to shape (ליק אינ'-טו שייפ) פארמירען, צוגעבען א פארם אדער אויסזעהן.

I must take time to **lick** my article **into shape.**

lick'platter *n.* (ליק'-פלעט-ער) א טעלער־לעקער, אן אומזיסטער פרעסער, א פאראזיט, א דארמאיעדניק.

lick'spittle *n.* (ליק'-ספיטל) אן אונטערלעקער, א מיאוסער, נידריגער חונף; א טעלער־לעקער.

lick the dust (ליק טהי דאסט) גע־הרג'עט ווערען; אומקומען אין שלאכט; זיך ערנידריגען, זיין אונטערטהעניג.

lick the spit'tle (ליק טהי ספיטל) זיך אונטער־חנפ'ענען, זיך אונטערלעקען.

lick up (ליק אפ) ארונטערלעקען; אין גאנצען אבווישען; אין גאנצען פערניכטען.

lic'orice *n.* (ליק'-א-רים) לאקריץ־ווארצעל, זים־ווארצעל.

lic'orice-mass *n.* (ליק'-א-רים-מעס) ניט בעארבייטער לאקריץ.

lic'orice-paste *n.* (ליק'-א-רים-פייסט) ניט בעארבייטער לאקריץ.

lic'tor *n.* (ליק'-טאר) א ליקטאר [אין פארצייטיגען רוים — א בעאמטער וואס פלעגט געהן פארוים די קאנסולען און די העכסטע ריכטער און טראגען אלס צייכען פון זייער מאכט א האק צונויפגעבונדען מיט א פעקעל ריטער]. ז. *fasces*

Lictor with Fasces

lid *n.* (ליד) 1. א דעקעל; 2. דאס אויגען־לעדעל; 3. א טאוועל פון א בוך.

1. The **lid** was taken off the pot.

lid'ded *a.* (ליד'-עד) וואס האט א דעקעל; צוגעדעקט אדער פערמאכט מיט א דעקעל.

lid'less *a.* (ליד'-לעס) אהן א דעקעל; אהן אויגען־לעדלעך, וואס פערמאכט ניט די אויגען; שלאפלאז, אימער וואכענד.

lie *v. and n.* (לאי) ליעגען; לעגען זיך; רוהען אויף עפעס; אנשפארען זיך; ליעגען אין קבר; געפינען זיך; ליעגען אין א געוויסען פלאץ; פערבלייבען אין א געוויסען צושטאנד; דאס ליעגען; דאס ארט וואו א חיה, פיש אדער פויגעל געפינט זיך געוועהנליך; ביי אן אייזענבאהן — א קליינע קורצע ליניע, וואס טיילט זיך אב נעבען א סטאנציע פון דער הויפט־ליניע און אויף וועלכער מען לאדט אן וואגאנען; א ליגען; א פאלשע בעהויפטונג; זאגען א ליגען; מאכען א פאלשע בעהויפטונג.

lie'-a-bed *n.* (לאי'-ע-בעד) איינער

וואס ליעגט שפעט אין בעט; א פאפער, א פוילאק.

lie about' (לאי ע-באוט') ליעגען ארום עפעס, זיך ארומוואלגערען.
Don't let the balls lie about on the ground.

lie along' (לאי ע-לאהנג') ליעגען אויס־געשטרעקט; זיין איינגעבויגען בשעת דעם פעררוקען [וועגען א שיף].
The ship lies along the dock.

lie at an'chor (לאי עט ענ'-קאר) שטעהן אויף'ן אנקער, ניט בעוועגען זיך [וועגען א שיף].
The ship lies at anchor in the harbor.

lie at one's door (לאי עט הוואנז דאור) זיין די שולד פון אימעצען.
If I have failed, the fault lies wholly at my door.

lie at one's heart (לאי עט הוואנז הארט) זיין איינעם נאהענט צום האר־צען; זיין געליעבט פון איינעם.

lie at one's mer'cy (לאי עט הוואנז מויר'-סי) ליעגען אונטער איינעמס וויל־קיר; זיין פאלשטענדיג אבהענגיג פון איינעם.

lie at stake (לאי עט סטייק) שטעהן אין קאן; זיין אין ריזיקע.

lie at the root (לאי עט טהי רוהט) זיין די גרונד־אורזאכע פון עפעס.

lie by (לאי באי) ליעגען נעבען עפעס; שטיל זיין, ניט ריהרען זיך; זיין נאהענט [ווי איין שיף צו דער אנדערער]; בליי־בען ביי אימעצען, זיין דערגרייכבאר פאר אימעצען.

lie close togeth'er (לאי קלאוס טו-געטה'-ער) אין ספארט — רייטען הארט איינער נעבען אנדערען.

lie dor'mant (לאי דאר'-מענט) זיין אונטעטיג; ניט ווערען אויסגענוצט.

lie down (לאי דאון) אנידערלעגען זיך; רוהען, ליעגען.
Let us lie down on the grass for a rest.

lief *a. and adv.* (ליעף) ליעב, טייער; אנגענעהם; וויליג; גערן; מיט חשק; מיט פרייד.
I would just as lief not meet him.

lie fal'low (לאי פעל'-או) זיין ניט בעארבייט [וועגען פעלד אדער לאנד].

lief'er *a.* (ליעפ'-ער) זעהר גערן אדער וויליג.

liege *a. and n.* (ליעדזש) פריי; בעפרייט פון אלע פערפפליכטונגען אויסער צו זיין איינענעם פריץ; וואס איז שייך צו דער געגענזייטיגער פערפפליכטונג פון א פריץ און זיין אונטערטהאן: אן אונ־טערטהאן; א וואסאל; א פריעדליכער בירגער וואס פאלגט דאס געזעץ; א פע־אדאל־הערר; א פריץ.

liege hom'age (ליעדזש האמ'-עדזש) די צערעמאניע, ביי וועלכער אן אונטער־טהאן אדער וואסאל פערפפליכטעט זיך מיט געוויסע פערזענליכע התחיבות'ען בנוגע צו זיין פריץ אדער פעאדאל.

liege lord (ליעדזש לאהרד) א פעאדאל, א פריץ וואס האט זיינע אונטערטהאנען אדער וואסאלען.

liege'man *n.* (ליעדזש'-מען) א וואסאל [איינער וואס פלעגט זיך שטעלען אונ־טער'ן שוץ פון א פריץ אדער פעאדאל־הערר און דערפאר פלעגט ער זיך פער־פפליכטען צו לייסטען איהם געוויסע דיענסטע].

lie hard upon' (לאי הארד א-פאן') זיין צו לאסט; דריקען אויף איינעם ווי א משא.

lie in (לאי אין) ליעגען אין קינפעט.

lie in one (לאי אין הוואן) זיין אב־הענגיג פון איינעם; זיין אין איינעמס רשות.

lie in one's teeth (לאי אין הוואנז טיטטה) זאגען א געמיינעם, פרעכען לי־גען.

lie in one's throat (לאי אין הוואנז טהראוט) ז. *lie in one's teeth*.

lie in the way (לאי אין טהי הוויי) זיין גרייט אונטער דער האנד; ליעגען אין וועג, זיין א שטערונג צו עפעס.

lie in wait (לאי אין הווייט) לויערען, אויפּוואַרטען אויף איינעם פון א בעהעל־טעניש.

lie low (לאי לאו) ניט לאזען זיך זעהן; בעהאלטען זיך; פערשטעלען אדער פער־מאסקירען זיך, ניט ארויסווייזען די ריכ־טיגע כונה.

lien *n.* (ליען) דאס רעכט צו פערהאלטען איינעמס איינענטום ביז ער צאהלט ניט אב דעם חוב אדער ערפילט ניט געוויסע פער־פפליכטונגען; א געזעצליכע פאדערונג; א פאדערונג, וועלכע מוז דורך'ן געריכט בעפריעדיגט ווערען.
There is a lien on this property.

lie off (לאי אף) אברוהען; איבערייסען די ארבייט; אבשטעלען זיך.

lie on (לאי אן) ליעגען אדער דריקען אויף עפעס; ארויפליעגען אויף איינעם ווי א פערפפליכטונג; אבהענגען פון עפעס.

lie on hand (לאי אן הענד) פערבליי־בען אונפערקויפט.

lie on one's hands (לאי אן הוואנז הענדז) פערבלייבען אונפערקויפט; בליי־בען אונבענוצט.

lie on one's oars (לאי אן הוואנז אורז) אוועקלעגען די רודער, אברוהען פון דער ארבייט; בעציהען זיך לייכט צו א זאך.

lie out (לאי אוט) שלאפען ניט אין דער היים, ליעגען דרויסען.

lie o'ver (לאי או'-ווער) ניט בעצאהלט ווערען צום טערמין [ווי א וועקסעל]; אבגעלעגט ווערען אויף א שפעטערער צייט; אנגעבויגען זיין [וועגען א שיף בעת'ן פעררוקען].

li'er *n.* (לאי'-ער) א ליעגער; איינער וואס ליעגט; א קיהל־אויווען אין גלאז־פאבריקען.

lies have no legs (לאיז העוו נאו לעגז) שקר אין לו רגלים; מיט ליגענס קען מען ווייט ניט געהן.

lie to (לאי טו) ליעגען אהן בעוועגונג, ניט ריהרען זיך [וועגען א שיף].

lie to one's work (לאי טו הוואנז הוואירק) ארבייטען מיט התמדה; אנ־שטרענגען די כחות אויסצופיהרען עפעס.

lie top and tail (לאי טאפ ענד טייל) ליעגען הארט איינער ביים אנדערען.

lieu *n.* (ליו) דער ארט, דער פלאץ פון עפעס. ז. *in lieu of*

lie un'der (לאי אנ'-דער) זיין אונטער־ווארפען צו אימעצען, ווערען אונטער־דריקט אדער ליידען פון אימעצען.

lie up (לאי אפ) ליעגען און רוהען; זיך אברוהען פון דער ארבייט.

lie up and down (לאי אפ ענד דאון) זיין אנגעווארפען, זיין אין אונארדנונג.

lie upon' (לאי א-פאן') ז. *lie on*

Lieut. אבקירצונג פון *lieutenant*

lieuten'ancy *n.* (ליו-טענ'-ענ-סי) דאס אמט פון א לייטענאנט אדער שטעל־פער־טרעטער.

lieuten'ant *n.* (ליו-טענ'-ענט) א ליי־טענאנט, א שטאט־האלטער, א שטעל־פער־טרעטער.

lieuten'ant at arms (ליו-טענ'-ענט עט ארמז) דער אונטערשטער שיפס־ליי־טענאנט, וועלכער לערענט און מושטירט די מאטראזען.

lieuten'ant-colo'nel *n.* (ליו-טענ'-ענט-קויר'-נעל) אן אבערסט־לייטענאנט, א פאר־פאלקאווניק.

lieuten'ant-gen'eral *n.* (ליו-טענ'-ענט-דזשענ'-ע-רעל) א גענעראל־לייטע־נאנט.

lieuten'ant-gov'ernor *n.* (ליו-טענ'-ענט-גאוו'-ער-נאר) א וויצע־גובערנאטאר.

lieuten'antry *n.* (ליו-טענ'-ענ-טרי) ז. *lieutenancy*.

lieuten'antship *n.* (ליו-טענ'-ענט-שיפ) ז. *lieutenancy*.

Lieut.-Gen. פערקירצונג פון די ווער־טער *Lieutenant-General*

Lieut.-Gov. פערקירצונג פון די ווער־טער *Lieutenant-Governor*

lie with (לאי הוויטה) 1. וואהנען אדער שלאפען צוזאמען; 2. געהערען, בעלאנגען צו..., אבהענגען אז..., זיך ווענדען אן...
2. It lies with you to make amends.

life *n.* (לאיף) דאס לעבען; דער דויער פון עקזיסטענץ; די לעבענס־צייט; דער לע־בענס־בערוף; די לעבענס־ארט; א לע־בענס־בעשרייבונג; לעבהאפטיגקייט; לע־בעדיגקייט; מונטערקייט; דאס ריכטיגע לעבענס־בילד.

life'-and-death' *a.* (לאיפ'-ענד-דעטה') וואס איז אויף לעבען און טויט; פערצווייפעלט; קריטיש.

life'-and-death' strug'gle (לאיפ'-ענד-דעטה' סטראגל) דער קאמפף אויף לעבען און טויט.

life annu'ity (לאיף ע-ניו'-אי-טי) א לעבענסלענגליכע פענסיע.

life'-ar'row *n.* (לאיפ'-ער'-או) א פייל צונעבונדען צו א שטריק, וועלכע מען שיסט אויס פון ברעג אין א זינקענדער שיף כדי זי ארויסצוציהען צום ברעג.

life'-belt *n.* (לאיפ'-בעלט) א רעטונגס־גארטעל [אויף א שיף].

life'-blood *n. and a.* (לאיפ'-בלאד) דאס ווארימע בלוט; די לעבענס־קראפט; א קאנוואולסיוועס ציטערען פון אוינגען־לע־דעל אדער פון דער ליפ; וויכטיג, וואס איז אזוי וויכטיג ווי בלוט פאר'ן לעבען.

life'-boat *n.* (לאיפ'-באוט) א רעטונגס־שיפעל.

life'-buoy *n.* (לאיפ'-באי) די רעטונגס־באיע [א מין קלעצעל צונעבונדען צו א שטריק, וואס ווערט אראבגעלאזען פון א שיף אין וואסער צו רעטען איינעם וואס טרינקט זיך].

life'-car *n.* (לאיפ'-קאר) א פעסט־פער־מאכטער קאסטען, אין וועלכען מען פיהרט אריבער אויף'ן ברעג מענשען פון א צו־שעדיגטער שיף.

life'-cord *n.* (לאיפ'-קאהרד) ז. *lifestring*.

life'-drop *n.* (לאיפ'-דראפ) א לעבענס־טראפען, א בלוט־טראפען פון הארצען.

life'-estate' *n.* (לאיפ'-עס-טייט') א מאיאנטעק וואס רעכענט זיך פאר איי־נעמס איינענטום נור פאר דער צייט פון זיין לעבען, און ער קען עס ניט איבער־געבען בירושה צו זיינע קינדער.

life everlas'ting (לאיף עוו-ער-לעס'-טינג) דאס אייביגע לעבען.

life'-everlas'ting *n.* (לאיפ'-עוו-ער-לעס'-טינג) די אימארטעלע [א בלום, וואס ווערט ניט אן דעם קאליר און די פארם נאכדעם ווי זי איז פערטריקענט געוואָ־רען].

life′-guard *n.* (לאיפ׳-גארד) לייב-גוואר-דיע, וואך; א מין בארשט פון פארענט פון א לאקאמאטיוו אבצורייניגען דעם וועג פאר׳ן צוג.

life′-his′tory *n.* (לאיפ׳-היס׳-טא-רי) אין ביאלאגיע — אלע ענדערונגען וואס א לעבעדיגער ארגאניזם געהט דורך פון דעם איי ביז פאלשטענדיגער ענטוויקלונג; א בעשרייבונג פון דיזע ענדערונגען.

life′-insur′ance *n.* (לאיפ׳-אינ-שוהר׳-ענס) לעבענס-פערזיכערונג.

life′-insur′ance com′pany (לאיפ׳-אינ-שוהר׳-ענס קאמ׳-פע-ני) א לעבענס-אסעקוראנץ-געזעלשאפט, א לעבענס-פערזי-כערונגס-געזעלשאפט.

life′-in′terest *n.* (לאיפ׳-אינ׳-טער-עסט) א בעזיץ וואס ענדיגט זיך מיט׳ן טויט פון אייגענטימער און קען ניט אי-בערגעהן בירושה צו די קינדער.

life′less *a.* (לאיפ׳-לעס) לעבענסלאז, טויט; אהן לעבען; ניט בעלעבט; אונ-ארגאניש; אונבעוועגליך, אונטעטיג, שוואך; וואס האט ניט קיין לעבעדיגע בעשעפע-נישען.

life′lessly *adv.* (לאיפ׳-לעס-לי) אויף אן אונלעבהאפטען, אונטעטיגען שטייגער.

life′lessness *n.* (לאיפ׳-לעס-נעס) דאס זיין אהן לעבען; אונבעוועגליכקייט; אונאקטיוויטעט.

life′like *a.* (לאיפ׳-לאיק) ווי לעבעדיג; גלייך ווי ס׳לעבט.

life′likeness *n.* (לאיפ׳-לאיק׳-נעס) לעבענס-עהנליכקייט; דאס זיין אדער אויס-זעהן ווי לעבעדיג.

life′-line *n.* (לאיפ׳-לאין) א שטריק צו-געבונדען צו א רעטונגס-שיפעל אדער אן אנדער רעטונגס-אפאראט אנצוכאפען איי-נעם, וועלכער טרינקט זיך; א שטריק אויף א שיף זיך אנצוהאלטען בעת א שטורם.

life′long *a.* (לאיפ׳-לאהנג) לעבענס-לאנג.

life of an execu′tion (לאיף אוו ען עק-סי-קיו׳-שאן) די צייט-דויער, וואס עס גיט זיך פון געריכט אויסצופיהרען דעם פסק-דין.

life′-of′fice *n.* (לאיפ׳-אפ׳-איס) א לעבענס-פערזיכערונגס-קאנטאר.

life pol′icy (לאיף פאל׳-אי-סי) א לע-בענס-פערזיכערונגס-פאליסע [א זאלכע וואס ווערט אויסגעצאהלט ערשט נאך׳ן טויט צו די יורשים].

life′-preser′ver *n.* (לאיפ׳-פרי-זויר׳-ווער) א שווים-גארטעל, א רעטונגס-גאר-טעל [אויף א שיף]; א געוועהר אין האנד [ווי א רעוואלווער אדער דובינע צו פערטיידיגען זיך געגען אנפאלער].

li′fer *n.* (לאי׳-פער) איינער וואס איז פעראורטיילט צו געפענגניס אויף׳ן גאנ-צען לעבען.

life′-raft *n.* (לאיפ׳-רעפט) א פליט-עהנליכע פארריכטונג אויף א שיף, צו ראטעווען די מענשען, ווען די שיף האלט ביים זינקען.

life′-rate *n.* (לאיפ׳-רייט) די אבצאה-לונגען אויף לעבענס-פערזיכערונגס-פאלי-סעס.

life′-rent *n.* (לאיפ׳-רענט) די לעבענס-רענטע -[א יעהרליכע הכנסה, וואס מען בעקומט דעם גאנצען לעבען]; דאס רעכט אויף אן הכנסה פון א געוויסען אייגענ-טום, ניט אנריהרענדיג דאס אייגענטום אליין.

life′-ren′ter *n.* (לאיפ׳-רענ׳-טער) איי-נער וועלכער בעקומט א בעשטימטע רענ-טע דעם גאנצען לעבען.

life′-ren′trix *n.* (לאיפ׳-רענ׳-טריקס) א פרויענצימער וואס בעקומט דעם גאנ-צען לעבען א בעשטימטע הכנסה פון אן אייגענטום, אבער האט ניט קיין רעכט אנצוריהרען דיזעס אייגענטום.

life′-sa′ving *a.* (לאיפ׳-סיי׳-ווינג) לע-בענס-רעטענד.

life′-sa′ving ser′vice (לאיפ׳-סיי׳-ווינג סויר׳-ווים) אן ארגאניזאציאן צו רעטען מענשען פון שיפען וואס געהען אונטער ניט ווייט פון ברעג.

life′-size *a.* (לאיפ׳-סאיז) אין לע-בענס-גרויס [ווענן א פארטרעט פון א מענשען אדער א זאך].

life′spring *n.* (לאיפ׳-ספרינג) דער קוואל פון לעבען, די לעבענס-פרוזשינע, א לע-בענס-נויטווענדיגקייט.

life′string *n.* (לאיפ׳-סטרינג) דער לע-בענס-פאדים, דער לעבענס-נערוו; לעבענס-קראפט.

life′-ta′ble *n.* (לאיפ׳-טייבל) א סטא-טיסטיש טאבעלע וואס בעווייזט וויפיעל עס דויערט דאס דורכשניטליכע לעבען פון פערשיעדענע קלאססען מענשען.

life′time *n.* (לאיפ׳-טאים) די לעבענס-צייט.

life′-wear′y *a.* (לאיפ׳-הוויער׳-אי) לע-בענס-מיעד, מיעד פון לעבען.

life′-work *n.* (לאיפ׳-הווארק) א לע-בענס-ווערק; א לעבענס-ארבייט [אן אר-בייט צו וועלכער איינער האט זיך אב-געגעבען זיין גאנצען לעבען].

lift *v. and n.* (ליפט) אויפ-הויבען; דערהויבען צו א העכער מדרגה; אוועקנעהמען, גנב׳ענען; צוזאמענקלייבען, צוזאמעננעהמען, איינקאלעקטירען; אויפ-הויבען זיך, פערשווינדען אין דער לופט [ווי א נעבעל]; דאס אויפהויבען, די הויבונג; אונטערשטיצונג; הילף; דאס אויפהויבען זיך צו א העכערער מדרגה; דאס מיט וואס מען הויבט עפעס אויף; א הויב-אפאראט, אן עלעוואטאר [א קאס-טען אדער וואגאן, אין וועלכען מען הויבט אויף מענשען אדער זאכען]; אין קויה-לען-שאכטען — א רייהע פון פומפען; דאס הענטעל אדער קנאפקע ביי א פענסטער, וואס פערהאלט עס בעת מען הויבט עס אויף, אז עס זאל זיך צוריק ניט אראב-לאזען; א מאשין אדער אפאראט צו הוי-בען דעם קערפער ביי געוויסע גימנאסטי-שע איבונגען; א טויער, וועלכער הויבט זיך אויף און לאזט זיך אראנטער; אין א שטיוועל אדער שוך — איינס פון די לעדערנע בלעטלעך, וועלכע בילדען אויס דעם קנאפעל [אבזאץ].

lif′table *a.* (ליפ׳-טעבל) וואס קען גע-הויבען ווערען.

lift away′ (ליפט ע-הוויי׳) אוועקטרא-גען, ארויסטראגען, אוועקפיהרען.

lift′-bridge *n.* (ליפט׳-ברידזש) א בריק, וועלכע מען קען אויפהויבען, כדי דורכצולאזען שיפען.

lif′ted up with pride (ליפ׳-טעד אפ הוויטה פראיד) אנגעבלאזען; מיט גדלות; בקומה זקופה.

lif′ter *n.* (ליפ׳-טער) אן אויפהויבער, איינער וואס הויבט עפעס אויף; אן אינ-סטרומענט אדער מעכאניזם אויפצוהוי-בען מענשען אדער זאכען; א גנב.

lift′-gate *n.* (ליפט׳-גייט) — אין שאכטען א רייהע פומפען.

lift′-ham′mer *n.* (ליפט׳-העמ׳-ער) אזא גרויסער שמיעד-האמער אין אייזען-פאבריקען.

lith'oglyph *n.* (ליטה'-א-גליף) א גראווירונג אדער איינקריצונג אין אן ערדעלשטיין; א גראווירטער ערדעלשטיין.

lithoglyp'tics *n.* (ליטה-א-גליפ'-טיקס) די קונסט פון גראווירען אדער קריצען אין ערדעלשטיינער.

lith'ograph *v. and n.* (ליטה'-א-גרעף) ליטאגראפירען [דרוקען מיט אן אויסגעקריצטען שטיין]; א ליטאגראפיע, א שטיין=אבדרוק [א בילד געדרוקט פון א שטיין].

lithog'rapher *n.* (לי-טהאג'-רע-פער) א ליטאגראפיסט, א שטיין=דרוקער.

lithograph'ic *a.* (ליטה-א-גרעפ'-איק) ליטאגראפיש, וואס געהערט צו שטיין=דרוקעריי.

lithograph'ical *a.* (ליטה-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *lithographic*

lithograph'ically *adv.* (ליטה-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א ליטאגראפישען שטייגער.

lithograph'ic press (ליטה-א-גרעפ'-איק פרעס) א דרוק=פרעס צו דרוקען פון ליטאגראפישע שטיינער.

lithograph'ic slate (ליטה-א-גרעפ'-איק סלייט) ז. *lithographic stone*

lithograph'ic stone (ליטה-א-גרעפ'-איק סטאון) א הארטער, גלאטער קאלקשטיין פון געלבען קאליר, וואס ווערט בענוצט פאר ליטאגראפיע.

lithog'raphize *v.* (לי-טהאג'-רע-פאיז) ליטאגראפירען, דרוקען פון שטיין.

lithog'raphy *n.* (לי-טהאג'-רע-פי) ליטאגראפיע, שטיין=דרוק [די קונסט פון דרוקען פערשיעדענע שריפטען און צייכנונגען, וועלכע זיינען איינגעקריצט אין א שטיין דורך גראווירען אדער דורך געוויסע כעמישע מיטלען].

lith'oid *a.* (ליטה'-איד) עהנליך צו א שטיין; שטייניג.

lithoi'dal *a.* (לי-טהאי'-דעל) ז. *lithoid*

litholapax'y *n.* (ליטה-א-לע-פעק'-סי) אין כירורגיע — א מעטאדע פאנאנדערצורייבען שטיינדלעך אין אורין=פענכער.

lithol'atrous *a.* (לי-טהאל'-ע-טראס) וואס איז שייך צו ליטאלאטריע אדער דער פערגעטערונג פון שטיינער.

lithol'atry *n.* (לי-טהאל'-ע-טרי) ליטאלאטריע, די פערגעטערונג פון שטיינער.

litholog'ic *a.* (ליטה-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו ליטאלאגיע אדער צו דער לעהרע וועגען שטיינער.

litholog'ical *a.* (ליטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *lithologic*

lithol'ogist *n.* (לי-טהאל'-א-דזשיסט) א ליטאלאגיסט, א קענער פון ליטאלאגיע. ז. *lithology*

lithol'ogy *n.* (לי-טהאל'-א-דזשי) ליטאלאגיע, די לעהרע וועגען שטיינער און פעלזען.

lith'omancy *n.* (ליטה'-א-מענ-סי) דאס נביאות=זאגען אדער טרעפען די צוקונפט לויט סמנים אויף שטיינער.

lith'omarge *n.* (ליטה'-א-מארדזש) דאס שטיינמארק [א מין מינעראל, וואס איז עהנליך צו דער ווייסער ליים, פון וועלכער מען מאכט פארפאר אדער פארצעליי].

lithoph'agi *n.* (לי-טהאפ'-ע-דזשאי) שטיינער=פרעסער [דער אלגעמיינער נאמען פון געוויסע מאלוסקען און אנדערע חיה'לעך, וועלכע בויערען אוים א לאך אין א שטיין, וואס דיענט זיי אלס א נעסט].

lithoph'agus *a.* (לי-טהאפ'-ע-גאס) וואס עסט שטיינער; וואס שלינגט שטיינדלעך [ווי געוויסע פויגלען].

lith'ophyte *n.* (ליטה'-א-פאיט) דער ליטאפיט, די שטיין=פלאנצע אדער ים=פעכער [אזעלכע קאראלען].

lith'otint *n.* (ליטה'-א-טינט) דאס דרוקען פארביגע בילדער אויף ליטאגראפישע שטיינער; אזא געדרוקט בילד.

lith'otome *n.* (ליטה'-א-טאום) א מין מינעראל, וועלכער האט דאס אויסזעהן פון געשליפענע דימענטען; דער ליטאטאם [א כירורגישער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען שניידט אוים די שטיינדלעך פון אורין=פענכער].

lithot'omist *n.* (לי-טהאט'-א-מיסט) א כירורג, וועלכער שניידט אוים די שטיינער פון אורין=פענכער.

lithot'omy *n.* (לי-טהאט'-א-מי) ליטאטאמיע, די אויסשניידונג פון שטיינער [אין בויך אדער אין די געדערים].

lith'otripsy *n.* (ליטה'-א-טריפ-סי) אן אפעראציאן, וועלכע בעשטעהט אין צורייבען די שטיינדלעך אין אורין=פענכער, כדי די צוריבענע שטיקעלעך זאלען קענען ארויסגעהן מיט דער השתנה.

lithotrip'tic *a.* (ליטה-א-טריפ'-טיק) וואס צומאלט די שטיינדלעך אין אורין=פענכער.

lith'otriptor *n.* (ליטה'-א-טריפ-טאר) א כירורגישער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען צומאלט א שטיינדעל אין אורין=פענכער, כדי די צומאלענע שטיקעלעך זאלען ארויסגעהן פון קערפער מיט דער השתנה.

lith'otrite *n.* (ליטה'-א-טראיט) ז. *lithotriptor*

lith'otritor *n.* (ליטה'-א-טראי-טאר) ז. *lithotriptor*

lith'otrity *n.* (ליטה'-א-טראי-טי) די אפעראציאן, ביי וועלכער מען צוברעקעלט די שטיינדלעך אין אורין=פענכער.

lith'otype *n. and v.* (ליטה'-א-טאיפ) א ליטאטיפ, א סטערעאטיפ אדער מאטריצע, וואס איז געמאכט געווארען פון א געוויסען לאק צוזאמענגעמישט מיט דינעם זאמד, ווייכען פעך און אויל; אן ארט דרוקען אויף א ליטאגראפישען שטיין ווי אויף אנגעזעצטע שריפט [צוליעב דיעזען צוועק ווערט די צייכנונג אויף'ן שטיין ניט איינגעקריצט, נאר זי איז בולט אדער רעליעף]; דרוקען אויף אזא ארט.

lithotyp'ic *a.* (ליטה-א-טיפ'-איק) ליטאטיפיש, וואס איז שייך צו ליטאטיפיע. ז. *lithotypy*

lith'otypy *n.* (ליטה'-א-טאי-פי) ליטאטיפיע, דאס מאכען א סטערעאטיפ אדער מאטריצע פון א געוויסען לאק צוזאמענגעמישט מיט דינעם זאמד ווייכען פעך און אויל.

lith'wake *a.* (ליטה'-הווייק) ווייך, בויגזאם; וואס גיט זיך אונטער.

li'thy *a.* (לאי'-טהי) וואס בויגט זיך לייכט; בויגזאם.

lit'igable *a.* (ליט'-אי-געבל) וואס קען בעשטריטען ווערען; איבער וואס מען קען זיך משפט'ען.

lit'igant *a. and n.* (ליט'-אי-גענט) וואס שטרייט, וואס פיהרט פראצעסען; איינער וועלכער משפט זיך מיט אן אנדערען.

lit'igate *v.* (ליט'-אי-גייט) שטרייטען, משפט'ען זיך, פיהרען פראצעסען.

litiga'tion *n.* (ליט-אי-גיי'-שאן) א משפט, א פראצעס=פיהרונג.

lit'igator *n.* (ליט'-אי-גיי-טאר) איינער וואס פיהרט א פראצעס אדער משפט זיך.

liti'gious *a.* (לי-טידזש'-אס) וואס משפט זיך, וואס פיהרט פראצעסען; שטרייטזיכטיג, וואס האט א נייגונג צו שטרייטען, קריעגען זיך אדער זיך איינרייסען; איבער וואס מען שטרייט אדער מען משפט זיך.

liti'giously *adv.* (לי-טידזש'-אס-לי) אויף א שטרייטזיכטיגען אופן; דורך פראצעסען און משפטים.

liti'giousness *n.* (לי-טידזש'-אס-נעס) שטרייטזיכטיגקייט, די נייגונג צו משפט'ן זיך.

lit'mus *n.* (ליט'-מאס) לאקמוס, בלוי=פארב [א טונקעל=בלויער שטאף, וואס ווערט לייכט פאנאנדערגעלאזען אין וואסער. ווערט בענוצט צוצוגעבען א בלויליכען קאליר צו וועש, ווייגען א. ד. ג.].

lit'oral *a.* (ליט'-א-רעל) וואס געהערט צום ברעג, וואס ליעגט ביים ברעג [פון ים אדער פון אן אזיערע].

lit'otes *n.* (ליט'-א-טיז) אין רעטאריק — א רעדע=ארט, וואו א געוויסע אייגענשאפט פון א זאך ווערט אויסגעדריקט ניט דורך'ן נאמען פון דיעזער אייגענשאפט, נאר דורך דער פערניינונג פון איהר געגענזאץ, ווי למשל, אנשטאט "ער איז א גוטער" זאגט מען "ער איז ניט קיין שלעכטער".

li'tre *n.* (לי'-טער) ז. *liter*

lit'ter *n. and v.* (ליט'-ער) א נאסילקע; א טראג=בעטעל [אן ארט פארצייטיגער עקיפאזש אהן רעדער, וועלכער פלעגט געטראגען ווערען פון מענשען]; א טראג=בעטעל, אין וועלכען מען טראגט אריבער קראנקע און פערוואונדעטע; דער ווארף, דאס ווארפען, דאס געבעהרען א גאנצע צאהל קינדער מיט איין מאל [ווי ביי חזירים, קעץ א. ד. ג.]; די צאהל קינדער וואס ווערען מיט איין מאל געבארען ביי א חיה; אונטערשפרייטונג, אונטערשיטונג [שטרוי אדער היי, וואס מען שפרייט פאנאנדער אונטער בהמות]; אנגעווארפענע שמאטעס; צוזאמענגעווארפענע זאכען; אן אונארדנונג; טראגען אין א נאסילקע אדער טראג=בעטעל; פאנאנדערשפרייטען שטרוי, היי א. ד. ג. אלס אן אונטערבעט פאר בהמות; בענוצען פאר אן אונטערבעט פאר בהמות; ווארפען אדער געבעהרען עטליכע קינדער מיט איין מאל [וועגען געוויסע חיות]; אנווארפען אין אן אונארדנונג; האבען אן אונטערבעט פון שטרוי, היי א. ד. ג.



Litter

litterateur' *n.* (ליט-ע-רע-טויר') א ליטעראט, א שרייבער, א מחבר; איינער וואס איז בעשעפטיגט מיט ליטערארישער ארבייט.

lit'tery *a.* (ליט'-ער-אי) אנגעווארפען

אין אונארדנונג; בעדעקט מיט פערשפרייטע היי אדער שטרוי, וואס דיענט אלס אונטערבעט פאר בהמות.

lit'tle *a., n. and adv.* (ליטל) קליין; וועניג; קורץ; אונבעדייטענד; געמיין, קליינליך; א ביסעלע; א קליינע צאהל; אין א קליינער צאהל; אויף א קליינעם גראד.

lit'tle by lit'tle (ליטל באי ליטל) ביסלעכווייז.
Little by little we are making progress.

lit'tle go (ליטל גאו) דער פאר=עקזאמען [אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען].

lit'tle-min'ded *a.* (ליט'ל-מאינ'-דעד) קליין=קעפיג, מיט א שוואכען פערשטאנד.

lit'tleness *n.* (ליט'ל-נעס) קליינקייט; אונבעדייטענהייט.

lit'tle ones (ליטל הוואנז) קינדער.
Good bye! Take good care of the little ones.

lit'tleworth *n.* (ליט'ל-הוואירטה) א טויגעניכטס, א גארנישט.

lit'toral *a. and n.* (ליט'-א-רעל) וואס געהערט צום ברעג, וואס ליעגט ביים ברעג [פון ים אדער פון א גרויסער אזערע]; דער טייל פון א לאנד, וואס ליעגט ביים ברעג ים.

lit'uate *a.* (ליט'-יו-אייט) אין באטאניק — אין דער פארם פון א גאפעל מיט די שפיצען אויסגעבויגען צום דרויסען.

liturge' *n.* (לי-טוירדזש') א ליטורגיסט, דער וואס פראוועט די עבודה אדער גאטעסדיענסט אין קירך.

litur'gic *a.* (לי-טויר'-דזשיק) ז. ***liturgical***.

litur'gical *a.* (לי-טויר'-דזשי-קעל) ליטורגיש, קירכען=דיענסטליך; וואס געהערט צו דער עבודה אדער גאטעסדיענסט אין דער קירך.

litur'gically *adv.* (לי-טויר'-דזשי-קעל-אי) ליטורגיש; לויט דעם סדר העבודה אין קירך.

litur'gics *n.* (לי-טויר'-דזשיקס) די לעהרע וועגען דער עבודה אדער גאטעסדיענסט אין קירך.

liturgiol'ogist *n.* (לי-טויר-דזשי-אל'-א-דזשיסט) איינער, וועלכער ווייסט די לעהרען און מעטאדען פון גאטעסדיענסט אין קירך.

liturgiol'ogy *n.* (לי-טויר-דזשי-אל'-א-דזשי) ז. ***liturgics***.

lit'urgist *n.* (ליט'-אויר-דזשיסט) ז. ***liturge***.

lit'urgy *n.* (ליט'-אויר-דזשי) ליטורגיע, קירכען=דיענסט.

li'tus *n.* (לאי'-טאס) ביי די אלטע זאקסען — א מיטגליעד פון נידריגסטען אדער דריטען שטאנד פון פאלק.

lit'uus *n.* (ליט'-יו-אס) אן ארט שטעקען מיט אן אויסגעבויגענעם הענטעל, וועלכען עס פלעגען בענוצען די אויגורען אדער פריסטער אין אלטען רוים; א מוזיקאלישער בלאז=אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט ביי מיליטער [אן ארט טרומייט מיט א גרילצענדען טאן]; אין מאטעמאטיק — אן ארט ספיראל.

Lit'vak *n.* (ליט'-וואק) א ליטוואק, א איד פון ליטא.

live *a.* (לאיוו) 1. לעבעדיג, בעלעבט; פול מיט לעבען; ענערגיש; לעבהאפט; טהעטיג, גרייט צו ארבייטען; 2. גליהענד [וועגען קויהלען]; 3. פריש, ריין [ווי למשל, לופט]; 4. פון דער לעצטער צייט [ניט פערעלטערט].
2. The stove is full of live coal. 4. The tariff is always a live issue in our politics.

live *v.* (ליוו) 1. לעבען; האבען אין זיך לעבען; ענטהאלטען לעבענס=פונקציאנען; פיהרען א געוויסען ארט לעבען; 2. וואהנען, זיך אויפהאלטען; האבען לעבענסמיטלען; זיך ערנעהרען; מאכען א לעבען; האבען א גייסטיגען לעבען; 3. עקזיסטירען אלס א גייסטיג וועזען; פערלעבען, פערברייינגען; לעבען [אין איינקלאנג מיט געוויסע אידעען אדער אידעאלען].
2. They live in the country. 3. One can not live entirely on his ideals.

live away' (ליוו ע-הוויי') פיהרען א פרעהליך, אויסברענגעריש לעבען.

live beyond' means (ליוו בי-יאנד' מיענז) לעבען ניט נאך דער קעשענע.

live cir'cuit (לאיוו סויר'-קיט) א דראט דורך וועלכען עס פליסט אן עלעקטרישער שטראם.

live close'ly (ליוו קלאוס'-לי) לעבען קארג.

live coal (לאיוו קאול) א גליהענדע קויהל.

lived *a.* (לאיווד) וואס לעבט, וואס עקזיסטירט [ווערט בענוצט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער, ווי ***long-lived***, ***short-lived*** א. ד. ג.].

live down (ליוו דאון) פערגלעטען אדער אבווישען א זינד אדער געמאכטען פעהלער מיט דעם ווייטערען ארט לעבען; ברייינגען עפעס אין פערגעסענהייט, איבערלעבען עפעס.
An ex-convict can often live down his bad reputation.

live feath'ers (לאיוו פעטה'-ערז) פעדערען וואס זיינען געפליקט געווארען פון לעבעדיגע עופות.

live in clo'ver (ליוו אין קלאו'-ווער) לעבען א גוטען טאג.

live'lihood *n.* (לאיוו'-לי-הוד) אויסקומעניש, חיונה, לעבענסמיטלען.
He is earning his livelihood by writing.

live'liness *n.* (לאיוו'-לי-נעס) לעבעדיגקייט, לעבהאפטיגקייט; בעלעבונג, טהעטיגקייט, מונטערקייט.

live'long *a. and n.* (ליוו'-לאהנג) לאנג, דויערהאפט; לאנגווייליג; א מין גראז מיט דיקע קליינע בלעטלעך און מיט געלבע בליטהען [וואקסט אויף שטיינער, זאמד און אויף אלטע דעכער].

live'ly *a. and adv.* (לאיוו'-לי) ווי לעבעדיג, רעאל, זעהר עהנליך צו עפעס; פול מיט לעבען אדער ענערגיע; אקטיוו, טהעטיג; פלינק, מונטער; לעבהאפט; גייסטרייך; פרעהליך; פריש, גלענצענד [וועגען פארבען]; וואס שניידט לייכט דאס וואסער [וועגען א שיף].

live mat'ter (לאיוו מעט'-ער) דרוקזאץ, וועלכען מען דארף ערשט געברויכען, פון וועלכען מען דארף נאך דרוקען.

live on a large scale (ליוו אן ע לארדזש סקייל) לעבען אויף א ברייטען פוס, לעבען בהרחבה.

live out (ליוו אוט) אויסלעבען; דורכלעבען אדער איבערלעבען עפעס; אוועקגעהן פון דער היים און דיענען אין א הויז.

liv'er *n.* (ליוו'-ער) איינער וואס לעבט, א לעבעדיגער; איינער וואס וואהנט ערגעץ, אן איינוואהנער; איינער וואס פיהרט א געוויסען ארט לעבען; דער לעבער; דער ברוינער איביס [א זומפ=פויגעל מיט א לאנגען אויסגעבויגענעם שנאבעל. ווען ער איז יונג, האבען זיינע פליגלען דעם קאליר פון לעבער].

liv'er-col'or *n.* (ליוו'-ער-קאל'-אר) לעבער=קאליר [רויט=ברוין].

liv'er-col'ored *a.* (ליוו'-ער-קאל'-ארד) פון א לעבער=קאליר [רויט=ברוין].

liv'ered *a.* (ליוו'-ערד) וואס האט א לעבער; מיט א לעבער [ווערט געברויכט נור אין פערבינדונג מיט אן אנדער ווארט].

liv'er-grown *a.* (ליוו'-ער-גראון) וואס ליידעט פון א פאנאנדערגעוואקסענעם לעבער.

liv'eried *a.* (ליוו'-ער-איד) פערקליידעט אין א ליוורעע; וואס טראגט אן אוניפארם.
He rang the bell and a liveried servant appeared at the door.

liv'erleaf *n.* (ליוו'-ער-ליעף) די לעבער=בלום [א פלאנצע מיט 3=טיילינע הארץ=פערמיגע בלעטער און מיט קליינע ווייסע אדער בלויע בליטהען, וועלכע וואקסען איינציגווייז אויף לאנגע דינע שטענגעלעך. די לעבער=בלום וואקסט אין זומפיגע ערטער און אויף צופוילטע בוימער].

Liverleaf

liv'er-spots *n.* (ליוו'-ער-ספאטס) לעבער=פלעקען [א מין הויט=קראנקהייט, ביי וועלכער עס ווייזען זיך אויף'ן לייב געלברוינע און שארסטקע פלעקען].

liv'erstone *n.* (ליוו'-ער-סטאון) דער לעבער=שטיין, א מין מינעראל, וועלכער לאזט ארויס זעהר א שארפען גערוך, ווען מען רייבט איהם אדער ווען מען ברענט איהם אז ביז רויט.

liv'erwort *n.* (ליוו'-ער-הוואירט) לעבער=קרויט, לעבער=גראז [א פלאנצע עהנליך צו דער לעבער=בלום]. ז. ***liverleaf***.

liv'ery *n., v. and a.* (ליוו'-ער-אי) א ליוורעע; אן אוניפארם פון א לאקיי אדער הויז=דיענער; די אוניפארם פון א וועלכער ניט איז ארגאניזאציאן; דאס האלטען פערד און וועגען גרייט צו בענוצען אדער פערדינגען זיי; די פארציאן פון פראוויזיע אדער קארמע, וואס ווערט אבגעלאזען פאר א פאמיליע, פאר די הויזדיענער, פאר פערד א. ד. ג.; דאס איבערגעבען אין בעזיץ א הויז אדער לאנד; א שטאל, וואו מען האלט פערד און וועגען צו פערדינגען; אנטהאן א ליוורעע, בעקליידען מיט א געוויסער אוניפארם; עהנליך צו לעבער.

liv'ery-coat *n.* (ליוו'-ער-אי-קאוט) א ליוורעע, די אוניפארם פון א לאקיי.

liv'eryman *n.* (ליוו'-ער-אי-מען) איינער וועלכער טראגט א ליוורעע אדער א געוויסע אוניפארם פון אן ארגאניזאציאן; איינער וועלכער האלט פערד און וועגען צו פערדינגען.

liv'ery-of'fice *n.* (ליוו'-ער-אי-אפ'-יס) אן אפיציעלער אמט איבערצוגעבען לאנד אין בעזיץ.

liv'ery of sei'zin (ליוו'-ער-אי אוו סי'-זין) די פארמאלע איבערגעבונג פון אן אייגענטום אין איינעמס בעזיץ [אין דער פעאדאלער ענגלישער געזעצגעבונג].

liv'ery-sta'ble *n.* (ליוו'-ער-אי-סטיי'-בל) א שטאל פאר פערד און וועגען צום פערדינגען; א שטאל וואו פערד ווערען אנגענומען צום קארמענען.

lives *n.* (לאיווז) לעבענס. ז. *life*

live stock (לאיוו סטאק) הורמען פון הויז-טהיערע, ווי פערד, אקסען, שעפסען, חזירים א. ז. וו., וועלכע מען האלט צו-ליעב פראפיט.

live upon' the catch (ליוו א-פאן' טהי קעטש) לעבען פון ווינד.

live up to (ליוו אפ טו) פיהרען א לע-בען לויט...

He lives up to his theories.

live up to means (ליוו אפ טו מיענז) לעבען נאך דער קעשענע.

live'-well *n.* (לאיוו'-הוועל) אזא קאסטען פול מיט וואסער אין א פישער-שיף, וואו מען האלט לעבעדיגע געפאנגענע פיש.

live wire (לאיוו וואיר) א ספריטנער מהעטיגער יונג; אן אויפטהוער.

liv'id *a.* (ליוו'-איד) [ווי'] שווארץ-בלוי [די געזיכטס-פארב פון א דערשטיקטען מענשען].

livid'ity *n.* (לי-וויד'-אי-טי) שווארץ-בלויקייט, דאס האבען א שווארץ-בלויען קאליר.

liv'idness *n.* (ליוו'-איד-נעס) ז. *lividity*

liv'ing *n. and a.* (ליוו'-אינג) דאס לע-בען, דאס עקזיסטירען; די לעבענס-צייט; די לעבענס-ארט; לעבענס-מיטלען, הכנסה, פרנסה; די הכנסה פון א גלח; לע-בענד, וואס לעבט; וואס איז אקטיוו, וואס ווירקט [וועגען זאכען]; שטארק, שרעק-ליך [וועגען א קוואליע אין ים].

liv'ing coal (ליוו'-אינג קאול) א גלי-הענדע קויהל.

liv'ing day (ליוו'-אינג דיי) א העלער, ליכטיגער טאג.

liv'ing lan'guage (ליוו'-אינג לענ'-גהוועדזש) א לעבעדיגע שפראך, א שפראך, אויף וועלכער מען רעדט נאך [אין גע-גענזאץ צו טויטע שפראכען אדער בוך-שפראכען].

liv'ingly *adv.* (ליוו'-אינג-לי) אויף א לעבעדיגען אופן; אין א לעבעדיגען צו-שטאנד; דורך'ן לעבען.

liv'ingness *n.* (ליוו'-אינג-נעס) לעבע-דיגקייט, לעבהאפטיגקייט.

liv'ing rock (ליוו'-אינג ראק) א פעלז וואס שטעהט אין זיין נאטירליכען אייבי-גען צושטאנד [ניט געריהרט דורך וועלכע ניט איז אומשטענדען].

liv'ing-room *n.* (ליוו'-אינג-רוהם) די וואהן-שטוב, דאס צימער פאר דעם אלגע-מיינעם געברויך פון דער פאמיליע.

livraison' *n.* (לי-ווריי-זאהן') א קונטרס, א טייל אדער העפט פון א בוך.

li'vre *n.* (לי'-ווער) אן אלטער פראנצויזי-שער פראנק.

lixiv'ial *a.* (ליק-סיוו'-אי-על) וואס איז דורכגענעצט אדער דורכגעווייקט אין לויג [ווארעם וואסער וואס ווערט דורכגעזייט דורך אש]; עהנליך צו לויג; פון א לויג-קאליר.

lixiv'iate *v. and a.* (ליק-סיוו'-אי-אייט) לויגען, דורכנעצען מיט לויג [ווארעם וואס-סער דורכגעזייט דורך אש]; מאכען לויג; וואס איז שייך צו לויג; דורכגעווייקט אין לויג.

lixivia'tion *n.* (ליק-סיוו-אי-איי'-שאן) דאס מאכען לויג, דאס דורכזייען ווארעם וואסער דורך אש; דאס אויסלויגען, דאס דורכווייקען אין לויג.

lixiv'ious *a.* (ליק-סיוו'-אי-אס) ז. *lixivial*

lixiv'ium *n.* (ליק-סיוו'-אי-אם) לויג [וואסער וואס איז דורכגעזייט דורך אש].

liz'ard *n.* (ליז'-ארד) אן עקדעש אדער יאשטשערקע; א מין שליטען, אויף וועל-כע מען פיהרט איבער שטיינער.



Lizard

lla'ma *n.* (לא'-מא) די לאמא, דער דרום-אמעריקאנישער קעמעל [די לאמא איז קלענער פון א געוועהנליכען קעמעל. זי איז בעדעקט מיט געדיכטער וואל און האט ניט קיין הארב].

Llama

lla'no *n.* (לא'-נאו) אין דרום אדער צענט-ראל-אמעריקא — א סטעפ, א פלאכע גע-גענד אהן בוימער בעוואקסען מיט גראז.

LL. B. ראשי תבות פון די ווערטער *Legum Baccalaureus* [קאנדידאט פון יוריספרודענץ].

Llb. אבקירצונג פון *libræ* [פונטען].

LL. D. ראשי תבות פון *Legum Doctor* [דאקטאר פון יוריספרודענץ, אן עהרען-טיטול].

LL. M. ראשי תבות פון די ווערטער *Legum Magister* [מאגיסטער פון יוריספרודענץ].

Lloyd's *n.* (לאידז) די לאידס [א בע-וואוסטע ענגלישע געזעלשאפט פאר שיפס-פערזיכערונג אין אלע טיילען פון דער וועלט].

lo *int. and n.* (לאו) אט! זעה! אן אינ-דיאנער פון נארד-אמעריקא [א הומאריס-טישער אויסדרוק].

loach *n.* (לאוטש) דער שמערלינג [אזא קליינער לאנגליכער פיש מיט עטליכע די-נע עקעלעך ארום מויל. לעבט אין קליינע אייראפעאישע טייכלעך און ווערט הויך געשעצט אלס געשמאקע שפייז].



Loach

load *n. and v.* (לאוד) א לאסט, א משא; א שווערינקייט; דאס וואס איז שווער אריבערצוטראגען, א פעקעל יסורים, א צרה; די אנלאדונג פון א ביקס; א וואג, א בעשטימטע געוויכטס-מאס פון פערשיעדענע זאכען [פון וועיץ — 40 בוי-שעל; פון זאמד — א קוביק-יארד א. ד. ג.]; אין מעכאניק — דער דרוק אויף א מעכאניזם, וואס ווירקט אלס א ווידער-שטאנד צו זיין בעוועגונג; דאס איבער-כאפען די מאס אין עסען אדער טרינקען; לאדען, בעלאדען, ארויפלעגען א לאסט; אנפילען, אנלענען, מאכען שווער: אנהויי-פען, מאכען קופעס; פעלשען [ווי מאכען געפעלשטע עסענווארג אדער געטראנקען]; אנלאדען א ביקס; אין מאלעריי — מיי-שען מיט ווייסער פארב; מאכען טונקעל, ניט דורכזיכטיג.

loa'der *n.* (לאו'-דער) א לאדער, אן אנלאדער; א קליינער אפאראט אנצולאי-דען קוילען אין אן הארמאט; יעדע פאר-ריכטונג, מיט וועלכער מען לאדט אן א וואגען מיט משא.

loa'ding *n.* (לאו'-דינג) דאס לאדען, דאס אנלאדען; א לאסט, א משא; דאס וואס גיט צו א זאך מעהר שווערקייט; אין מא-לעריי — דיק אנגעלעגטע פארב, כדי א גע-וויסער טייל פון בילד זאל אויסזעהן טונ-קעלער; אין פערזיכערונג — דער טייל פון'ם געצאהלט פאר דער פרעמיום, וועל-כער געהט צו דעקען די הוצאות פון פער-וואלטונג.

load'star *n.* (לאוד'-סטאר) ז. *lodestar*

load'stone *n.* (לאוד'-סטאון) ז. *lodestone*

loaf *n. and v.* (לאוף) א לאבען ברויט; א הימעל צוקער; ארומלויפען, ניט ווע-לען ארבייטען, שטיפען, יונגאטשעווען.

loa'fer *n.* (לאו'-פער) א באד-יונג, א יונ-גאטש, א שייגעץ, אן ארומטרייבער.

loa'ferish *a.* (לאו'-פער-איש) ווי א שייגעץ, ווי א יונגאטש.

loaf'-sug'ar *n.* (לאופ-שוג'-אר) שטי-קער צוקער.

loam *n. and v.* (לאום) ליים, ליימינע ערד; אין מעטאל-גיסעריי — א געמיש פון זאמד, ליים, שטרוי א. ז. וו., פון וועל-כע מען מאכט די פורעמס; בעשמירען מיט ליים.

loam'-mold *n.* (לאום'-מאולד) דער ליים-ערד-פורעם אין מעטאל-גיסעריי פאר גוס-אייזען אדער מעש.

loa'my *a.* (לאו'-מי) ליימיג, עהנליך צו ליים.

loan *n. and v.* (לאון) אן אנלייהע, א הלואה; דאס לייהען; לייהען, מאכען א הלואה.

loan'-fund *n.* (לאונ'-פאנד) א לייה-קאסע, א גמילות-חסדים-קאסע.

loan'-of'fice *n.* (לאונ'-אפ'-איס) א לאמ-בארד, אן ארט וואו מען לייהט געלד אויף משכנות.

loath *a.* (לאוטה) וואס איז זעהר אונווילינ, פיהלט אן עקעל; אבגענייגט.

I am loath to undertake the journey.

loathe *v.* (לאוטה) האסען; האבען אן עקעל צו עפעס.

A gentleman loathes to associate with ill-bred people.

loa'ther *n.* (לאו'-טהער) איינער וועלכער האסט אדער פיהלט אן עקעל צו עפעס.

loath'ful *a.* (לאוטה'-פול) מיט האס, מיט עקעל.

loa'thing *n.* (לאו'-טהינג) א ווידער-ווילען, אן עקעל, אן אבשיי, א האס.

loa'thingly *adv.* (לאו'-טהינג-לי) מיט עקעל, ווידערווילען, אבשיי אדער האס.

loath'liness *n.* (לאוטה'-לי-נעס) אבשיי-ליכקייט, ווידערווילינקייט, עקעל.

loath'ly *adv.* (לאוטה'-לי) מיט אבשיי-ליכקייט; פיהלענדיג א שטארקען עקעל.

loath'ness *n.* (לאָטה'-נעס) ווידערווי־ליגקייט; עקעל.

loath'some *a.* (לאָטה'-סאַם) עקעלהאַפט, אַבשייליך.

Leprosy is a loathsome disease.

loath'somely *adv.* (לאָטה'-סאַם-לי) מיט עקעל, מיט אַבשייליכקייט.

loath'someness *n.* (לאָטה'-סאַם-נעס) עקעלהאַפטיגקייט, אַבשייליכקייט.

loaves *n.* (לאָוווז) לאַבענס ברויט, היט־לער צוקער. ז. ***loaf***

lob *n. and v.* (לאַב) אַ גראָביאַן, אַ גראָבער קאָפּ, אַ פּויער; אַ קאָם, אַ פּלאַכטע, אַ שטיק; אַ געדיכטער נעמיש; דער די־קער ערד־וואָרים אדער רעגנוואָרים: אַ מין דיקער פיש אין די קאַלטע צפון־ימים; אין קריקעט־שפּיעל — אַ באַל וואָס לויפט נידריג און לאַנגזאַם; וואַרפען אַ באַל אַזוי, ער זאָל לויפען לאַנגזאַם; מאַכען אַ שוואַ־כען שטויס.

lo'bate *a.* (לאָו'-בייט) לעפּעל־פאָרמיג; ווי לעפּעלך [אַבגערונדעטע טיילען פון עפּעס, ווי דאָס לעפּעל פון אויער, ווי דער טייל פון אַ בלאַט א. ד. ג.].

lo'bated *a.* (לאָו'-ביי-טעד) ז. ***lobate***

lob'by *n. and v.* (לאַב'-אי) אַ פּאָר־צימער, אַ פּאָרהויז; די קולוארען אדער פּאָר־זאַאַל פון פּאַרלאַמענט; די מענשען, וועלכע וואַרטען אין די קולוארען פון פּאָר־לאַמענט, כדי צו בעאיינפלוסען די דעפּו־טאַטען צוליעב געוויסע צוועקען [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ]; בעזוכען אָפט דעם פּאָר־זאַאַל אדער די קו־לוארען פון פּאַרלאַמענט מיט דעם ציעל צו ווירקען אויף די דעפּוטאַטען; אויספּיה־רען געוויסע צוועקען דורך בעאיינפלוסען די מיטגליעדער פון קאָנגרעס אדער אַמע־ריקאַנער פּאַרלאַמענט.

lob'byist *n.* (לאַב'-אי-איסט) אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — איינער וואָס בעזוכט אָפט די קולוארען פון קאָנגרעס אדער לעגיסלאַטור אום צו בע־איינפלוסען די דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען שטימען פאַר אַ געוויסען פּלאַן אדער גע־זעץ־פּראָיעקט.

lob'by-mem'ber *n.* (לאַב'-אי-מעמ'-בער) ז. ***lobbyist***

lob'cock *n.* (לאַב'-קאַק) אַ פּויער, אַ גראָבער קאָפּ.

lobe *n.* (לאָוב) אַ לעפּעל [אַן אַבגערונדע־טער טייל פון עפּעס, ווי דאָס לעפּעל פון אויער אדער ווי די טיילען פון די לונ־גען, פון לעבער א. ד. ג.].

lobed *a.* (לאָובד) ז. ***lobate***

lobe'foot *n.* (לאָוב'-פוט) אַ לאַפּען־פוס [אַ פוס, ביי וועלכען יעדער פינגער איז בעזונדער בעצוימט מיט אַ ברייטליכען היי־טעל, ווי ביי געוויסע שווים־פויגלען].

lobe'let *n.* (לאָוב'-לעט) אַ לעפּעל, אַן אַבגערונדעטער טייל פון עפּעס [ווי דאָס לעפּעל פון אויער, ווי אַ טייל פון אַ בלאַט א. ד. ג.].

Lobe'lia *n.* (לאָ-בי'-ליאַ) די לאָבעליען [אַ מין גראָז־אַרטיגע פּלאַנצען פון די היי־סע לענדער, וועלכע האָבען אַ מילך־פאָרמי־גען זאַפט, וואָס ווערט אָפט געברויכט אין מעדיצין].

lob'lolly *n.* (לאַב'-לאַל-אי) אַ מין קאַשע פאַר מאַטראָזען אויף אַ שיף; רפואות.

lob'lolly-boy *n.* (לאַב'-לאַל-אי-באָי) דער פעלדשער ביים שיף־דאָקטאָר.

lob'scouse *n.* (לאַב'-סקאַוס) אַ מין מאַטראָזען־געריכט וואָס בעשטעהט פון גע־האַקטען פלייש, קאַרטאָפעל און ציבעלעס.

lob'sided *a.* (לאַב'-סאַי-דעד) ז. ***lopsided***

lobs'pound *n.* (לאַבז'-פּאַונד) אַ טורמע, אַ געפענגניס.

lob's pound (לאַבז פּאַונד) ז. ***lobspound***

lob'ster *n.* (לאַב'-סטער) אַ ים־ראַק, אַ ים־קרעבס; אַן ענגלישער פּוס־סאָלדאַט.



Lobster

lob'ster-box *n.* (לאַב'-סטער-באָקס) אַ קאַזאַרמע [אַ הומאָריסטישער אויסדרוק].

lob'ster-chum *n.* (לאַב'-סטער-טשאַם) אַבפאַל פון ים־קרעבסען אדער ים־ראַקעס [געברויכט אַלס בעמיסטיגונג].

lob'ster-crawl *n.* (לאַב'-סטער-קראָהל) אַ פּלאַץ, וואו מען כאַפּט ים־קרעבסען [ים־ראַקעס].

lob'stering *n.* (לאַב'-סטער-אינג) דאָס כאַפּען ים־קרעבסען [ים־ראַקעס].

lob'sterman *n.* (לאַב'-סטער-מען) איי־נער וואָס בעשעפטיגט זיך מיט פאַנגען ראַקעס.

lob'ster-pot *n.* (לאַב'-סטער-פּאַט) אַ פּאַסטקע פאַר ים־קרעבסען [ים־ראַקעס].

lob'ular *a.* (לאַב'-יו-לאַר) עהנליך צו אַ לעפּעל אדער קליינע אַבגערונדעטע טיילען פון עפּעס [ווי די טיילען פון די לונגען]; וואָס בעשטעהט פון לעפּעלך. ז. ***lobe***

lob'ulate *a.* (לאַב'-יו-לייט) וואָס בע־שטעהט פון לעפּעלך אדער קליינע אַבגע־רונדעטע טיילען.

lob'ulated *a.* (לאַב'-יו-ליי-טעד) ז. ***lobulate***

lobula'tion *n.* (לאַב-יו-ליי'-שאַן) די אויסבילדונג פון אַ לעפּעל אדער פון אַן אַבגערונדעטען טייל פון וועלכען ניט איז אַבר.

lob'ule *n.* (לאַב'-יול) אַ לעפּעל, אַן אַבגע־רונדעטער טייל פון עפּעס [ווי דאָס לעפּעל פון אויער, די טיילען פון די לונגען, לע־בער, נעהירען א. ז. וו.].

lo'bus *n.* (לאָו'-באַס) [אַן אַבי] אַ לעפּעל געגרונדעטער טייל פון אַ קערפּער־אָרגאַן, ווי דאָס לעפּעל פון אויער, ווי די טיילען פון די לונגען א. ד. ג.].

lob'worm *n.* (לאַב'-הוואָרם) רעגנוו־וואָרם, ערד־וואָרם.

lo'cal *a. and n.* (לאָו'-קעל) לאָקאַל, אָרטליך, וואָס איז שייך צו אַ בעשטימ־טען אָרט אדער געגענד; אין גראַמאַ־טיק — וואָס דייטעט אָן די לאַגע אדער דעם פּלאַץ [ווי די ווערטער "וואו", "וואַ־היין", "פון וואַנען" א. ד. ג.]; אַ לאָקאַלע נייעס אין אַ צייטונג; אַ צוג וואָס שטעלט זיך אָב אויף אַלע סטאַציאָנען [אין גע־גענזאַץ צו אַ שנעל־צוג]; אין טעלעגראַ־פיע — אַ לאָקאַלע באַטעריי.

lo'cal act (לאָו'-קעל עקט) אַ לאָקאַלער געזעץ.

lo'cal ac'tion (לאָו'-קעל עק'-שאַן) אַ געריכטליכע קלאַגע וואָס מוז פאַרגעבראַכט ווערען אין דעמועלבען אָרט, וואו די קלאַ־גע איז פעראורזאַכט געוואָרען.

lo'cal anæsthe'sia (לאָו'-קעל ען-עס-טהי'-סי-אַ) לאָקאַלע אַנעסטעזיע [און־עמפּפינדליכקייט, אַרויסגערופען דורך פערשידענע מעדיצינישע מיטלען, וואָס פערכאַפּט בלויז אַ געוויסען טייל פון קערפּער].

lo'cal author'ities (לאָו'-קעל אָה-טהאָר'-אי-טיז) לאָקאַלע בעאַמטע, אָרטי־גע בעאַמטע; בעאַמטע וואָס האָבען אַ לאָ־קאַלען אדער בעשרענקטען קרייז פון טהע־טיגקייט.

The enforcement of the law is in the hands of the local authorities.

lo'cal author'ity (לאָו'-קעל אָה-טאָר'-אי-טי) אַ דעפּאַרטאַמענט פון אַ שטאָדט־פערוואַלטונג.

lo'cal board (לאָו'-קעל באָורד) דער געמיינדע־ראַטה, ראשי הקהל; בעאַמטע פון אַ בעשטימטען דעפּאַרטאַמענט אין דער שטאָדט־פערוואַלטונג.

locale' *n.* (לאָו-קייל') אַן אָרט, אַ פּלאַץ; אַ געגענד.

localisa'tion *n.* (לאָו-קעל-אַי-זיי'-שאַן) ז. ***localization***

lo'calise *v.* (לאָו'-קעל-אַיז) ז. ***localize***

lo'calism *n.* (לאָו'-קעל-איזם) אָרטיג־קייט; לאָקאַליטעט; דאָס זיין לאָקאַל, אָר־טיג, בעשרענקט אויף אַ געוויסען פּלאַץ אדער געגענד; אַ לאָקאַלע אייגענטימליכ־קייט [אין ריידען, אין אויפפיהרונג א. ז. וו.]; אַ פּראָווינציאַליזם; די ווער־קונג פון אַ געוויסען פּלאַץ אדער פון אַ געוויסער געגענד.

localis'tic *a.* (לאָו-קע-ליס'-טיק) לאָ־קאַל, אָרטליך; וואָס איז שייך צו אַ בע־שטימטען אָרט אדער געגענד [בנוגע דעם אָרט ריידען, מנהגים א. ז. וו.]; וואָס איז שייך צו דער בעשטימונג פון אַ בע־שרענקטען פּלאַץ, וואָס איז שייך צו דער בעשרענקונג אין די גרענעצען פון אַ בע־שטימטען פּלאַץ.

local'ity *n.* (לאָ-קעל'-אי-טי) אָרט־ליכקייט, לאָקאַליטעט; געגענד; געאָגראַ־פישע לאַגע; די שייכות צו אַ פּלאַץ; געזעצליכע בעשרענקונג בנוגע צום אָרט; דער אָרטס־זין [די פעהיגקייט צו געדענ־קען אייגענצעלהייטען וועגען אַ פּלאַץ אדער געגענד].

lo'calizable *a.* (לאָו'-קעל-אַי-זעבל) וואָס מען קען לאָקאַליזירען, בעשרענקען אויף אַ געוויסען פּלאַץ אדער בעשטימען דעם פּלאַץ דערפון.

localiza'tion *n.* (לאָו-קעל-אַי-זיי'-שאַן) לאָקאַליזירונג, בעשרענקונג אויף אַ געוויסען פּלאַץ; בעשטימונג פון אָרט.

lo'calize *v.* (לאָו'-קעל-אַיז) לאָקאַליזי־רען, בעשרענקען אויף אַ געוויסען פּלאַץ, בעשטימען דעם פּלאַץ פון עפּעס.

lo'cal knowl'edge (לאָו'-קעל נאָל'-עדזש) בעקאַנטשאַפט מיט די פאַקטען פון אַ ספּעציעלען פאַך, אָרט, אַבטיילונג א. ז. וו.

lo'cally *adv.* (לאָו'-קעל-אי) אין בע־צוג צום פּלאַץ.

lo'cal op'tion (לאָו'-קעל אָפּ'-שאַן) אַ געזעצליכער פּרינציפּ [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ און אין ענגלאַנד], אַז יעדע בעזונדערע שטאָדט אדער דיסטריקט האָט אַ רעכט צו בעשטימען, אויב מען זאָל פערביטען דעם פערקויף פון משקאות.

lo'cate *v.* (לאָו'-קייט) 1. אויסגעפינען

דעם פלאץ; 2. אוועקשטעלען אויף'ן ארט, אוועקזעצען אויף אן ארט, ברייגנען אויף אן ארט; 3. זיך בעזעצען, וואהנען; בעזעצט ווערען; 4. בעשטימען אן ארט; בעשטימען די גרענעצען פון א טראקט לאנד.

1. I can **locate** many cities on the map. 3. They are planning to **locate** in the west. 4. The surveyors **located** the boundaries of his estate.

loca'tion *n.* (לא-קיי'-שאן) ארט; פלאץ; שטעלע, לאגע [בנוגע צום ארט]; בעזעצונג; וואהנ=ארט; בעשטימונג פון ארט; א בעשטימטער פלאץ; דאס בעשטימען די גרענעצען פון א טראקט לאנד; דאס פערדינגען.

The store is in a good **location** for that line of business.

loc'ative *a. and n.* (לאק'-ע-טיוו) אין גראמאטיק — וואס צייגט אן אויף ארט; אין אנאטאמיע און זאאלאגיע — וואס צייגט אן די לאגע [בנוגע צום ארט]; א גראמאטישע פארם אדער א ווארט וואס בעשטימט די שייכות צום ארט.

lo'cator *n.* (לאו'-קיי-טאר) איינער וואס בעזעצט זיך אויף א געוויסען פלאץ; איינער וואס דינגט לאנד.

loc. cit. אן אבקירצונג פון די לאטיינישע ווערטער ***loco citato*** [אויף דעם פלאץ, וואס איז שוין ציטירט געווארען].

loch *n.* (לאק) ז. ***lincture***

loch *n.* (לאך) אן אזיערא, א לאנד=זעע [אין שאטלאנד]; ברוסט=זאפט [אזא מעדיצין פאר דער ברוסט].

loche *n.* (לאוטש) ז. ***loach***

lo'ci *n.* (לאו'-סאי) א זאמלונג פון אויסצינגע פון פערשיעדענע שריפטען [הויפטזעכליך פון די הייליגע שריפטען]; געאמעטרישע ערטער. ז. ***locus***

lock *n. and v.* (לאק) א שלאס; א שלאס פון א ביקס; א ברעמזע, א טארמאז [איינצוהאלטען די רעדער פון א וואגען אדער וואגאן]; אן אבגעצאמטער פלאץ; א שלייז [שליוזע]; א וואסער=אבשפארונג, א דאמבע; צוזאמענשליסונג; שטאנדהאפטיגקייט, אונבעוועגליכקייט; אן ארומנעהמונג [ביים ראנגלען זיך]; א לאקען [האר]; א געקרויזטער לאקען; א בינטעל, א זשמעניע, א הויפען; פערשליסען, צונויפשליסען; בעהאלטען; צוריקהאלטען; אבשפארען; איינשליסען, ארומנעהמען, שטארק אומארמען; דורכלאזען דורך א שלייז [ווי א שיף]; זיך צושליסען, זיך איינשליסען.

lock'age *n.* (לאק'-עדזש) שלייזען; וואסער=דאמבעס, וואסער=אבשפארונגען; אבצאהל פאר דורכגעהן א שלייז [פון א קאנאל אדער טייך].

lock'-chain *n.* (לאק'-טשיין) א קייט וואס דיענט אלס טארמאז אדער ברעמזע, אבצוהאלטען די רעדער פון א וואגען; א שלאס=קייטעל [ביי א טהיר אדער טויער].

lock'-cham'ber *n.* (לאק'-טשיימ'-בער) א שלייזען=קאמער [דער וואסער=שטח צווישען שלייזען].

lock'-drag *n.* (לאק'-דרעג) א ברעמזע, א טארמאז [אבצוהאלטען א ראד].

lock'-dues *n.* (לאק'-דיוז) שלייזען=געלד, אן אבצאהלונג פאר דורכגעהן דורך די שלייזען פון א קאנאל.

locked jaw (לאקט דזשאה) ז. ***lockjaw***

lock'er *n.* (לאק'-ער) א צושליסער; איינער אדער עטוואס וואס שליסט צו; עטוואס וואס קען צוגעשלאסען ווערען [ווי אן אלמער, בופעט א. ד. ג.]; אן אבטיילונג אין איינינגע קאטוילישע קירכען וואו מען האלט וואסער, אויל א. ד. ג.

lock'er-up *n.* (לאק'-ער-אפ) א צושליסער; א געפענגניס=וועכטער [וואס האלט די שליסלען פון די קאמערען].

lock'et *n.* (לאק'-עט) א מעדאליאן.

lock'-gate *n.* (לאק'-גייט) דער שלייזען=טויער [פון א קאנאל].

lock'-house *n.* (לאק'-האוס) א וואהנונג פון א דאמבע=אויפזעהער אדער שלייזען=אויפזעהער.

lock'ing *n.* (לאק'-אינג) שליסונג; צוזאמענהאלטונג, צוזאמענפרעסונג, צוזאמענשרויפונג.

lock'jaw *n.* (לאק'-דזשאה) קינבאקען=קראמפף [א קראמפפהאפטע, קאנוואולסיווע צוזאמענדריקונג פון די קינבאקען].

lock'-kee'per *n.* (לאק'-קיע'-פער) א דאמבע=אויפזעהער; א שלייזען=אויפזעהער; דאס צינגעל פון א שלאס.

lock'less *a.* (לאק'-לעס) אהן א שלאס.

lock'out *n.* (לאק'-אוט) א לאקאוט [דאס ענטזאגען ארבייטער מיט'ן צוועק זיי צו צווינגען נאכצוגעבען געוויסע פאדערונגען פון די ארבייטסגעבער].

lock out (לאק אוט) אויסשליסען.

lock'-rail *n.* (לאק'-רייל) די מיטעלע קווער=פלאנקע פון א טהיר [וואו מען פאסט געוועהנליך איין דעם שלאס].

lock'ram *n. and a.* (לאק'-רעם) גראבע, פראסטע לייווענט; זאק=לייווענט; קוידערוועלש, אן אונפערשטענדליכע שפראך, אונזין; געמאכט פון זאק=לייווענט; ריידענדיג קוידערוועלש.

lock'-saw *n.* (לאק'-סאה) א לאך=זעג [צום אויסשניידען לעכער אין די טהירען צום אריינשטעלען שלעסער].

locks'man *n.* (לאקס'-מען) א וועכטער; א שליסעל=האלטער [איבערהויפט אין א געפענגנים].

lock'smith *n.* (לאק'-סמיטה) א שלאסער.

lock'smithery *n.* (לאק'-סמיטה-ער-אי) שלאסעריי.

lock'-step *n.* (לאק'-סטעפ) א מין מיליטערישער שריט [הארט איינער נאך'ן אנדערען].

lock'-stitch *n. and a.* (לאק'-סטיטש) שטעפ=שטעך [ביי נעה=מאשינען]; נעהענדיג מיט שטעפ=שטעך [ווענען נעה=מאשינען]; געמאכט מיט שטעפ=שטעך.

lock, stock and bar'rel (לאק, סטאק ענד בער'-על) האק און פאק.

lock up (לאק אפ) פערשליסען; איינשליסען, איינפעסטיגען; איינשפארען; איינשפארען אין געפענגנים; האלטען עפעס אזוי, אז מען זאל עס ניט קענען געברויכען.

lock'up *n.* (לאק'-אפ) אן ארעסט=הויז, א פאליציי=געפענגנים; א פערשליסונג; אן איינשפארונג, אן ארעסט; דאס פערטהאן עטוואס אזוי אז מען זאל עס ניט קענען געברויכען.

lock'-weir *n.* (לאק'-הוועהר) דער וואסער=אראבגוס ביי די שלייזען [פון א קאנאל אדער טייך].

Lo'co *n.* (לאו'-קאו) ז. ***Locofoco***

lococes'sion *n.* (לאו-קא-סעש'-אן) דאס מאכען פלאץ, דאס אבטרעטען דעם פלאץ, דאס וייכען.

lo'co cita'to (לאו'-קאו סי-טיי'-טאו) אין דעם פריהער ציטירטען פלאץ.

Locofo'co *n.* (לאו-קא-פאו'-קאו) א מיטגליעד פון דעם ראדיקאלען פליגעל פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אין יאהר 1835].

locofo'co *n.* (לאו-קא-פאו'-קאו) א שוועבעלע.

locomo'bile *a. and n.* (לאו-קא-מאו'-ביל) זיך זעלבסט=בעוועגענד; א לאקאמאביל [א זיך זעלבסט=בעוועגענדע מאשין, וואגען אדער וואגאן].

locomobil'ity *n.* (לאו-קא-מא-ביל'-אי-טי) זעלבסט=בעוועגליכקייט.

lo'comote *v.* (לאו'-קא-מאוט) זיך בעוועגען פון איין פלאץ צום אנדערען; אין ביאלאגיע — ארויסרופען אן ענדערונג פון פלאץ.

locomotil'ity *n.* (לאו-קא-מא-טיל'-אי-טי) די פעהינקייט זיך צו בעוועגען.

locomo'tion *n.* (לאו-קא-מאו'-שאן) בעוועגונג [פון ארט צו ארט], ארט=ענדערונג; בעוועגונגס=קראפט, בעוועגונגס=פעהיגקייט.

locomo'tive *a. and n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו) בעוועגענד; זיך בעוועגענד; בעוועגונגס=פעהיג; א לאקאמאטיוו.

locomo'tive-boi'ler *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-באי'-לער) א הייץ=קעסעל אין א לאקאמאטיוו.

locomo'tive-car *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-קאר) א לאקאמאביל. ז. ***locomobile***

locomo'tive fac'ulty (לאו-קא-מאו'-טיוו פעק'-אל-טי) זעלבסט=בעוועגונגס=פעהינקייט.

locomo'tiveness *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-נעס) די פעהינקייט אומצובייטען דאס ארט אדער זיך אליין צו בעוועגען.

locomo'tive or'gans (לאו-קא-מאו'-טיוו אר'-גענז) די בעוועגונגס=ארגאנען [ביי חיות].

locomo'tive propen'sity (לאו-קא-מאו'-טיוו פרא-פענ'-סי-טי) א נייגונג זיך צו בעוועגען, צו ענדערען דעם פלאץ.

locomo'tive-pump *n.* (לאו-קא-מאו'-טיוו-פאמפ) א פומפ ביי א לאקאמאטיוו.

loc'ulament *n.* (לאק'-יו-לע-מענט) א צעלע, א זוימען=קעמערעל [ביי פלאנצען]. ז. ***loculus***

loc'ular *a.* (לאק'-יו-לאר) צוזאמענגעשטעלט פון צעלען אדער קעמערלעך. ז. ***loculus***

loc'ulate *a.* (לאק'-יו-לייט) צעליג, וואס האט צעלען.

loc'ulated *a.* (לאק'-יו-ליי-טעד) ז. ***loculate***

loc'ule *n.* (לאק'-יול) א צעלע, א קעמערעל.

loc'ulose *a.* (לאק'-יו-לאוס) איינגעטיילט אין צעלען.

loc'ulous *a.* (לאק'-יו-לאס) ז. ***loculose***

loc'ulus *n.* (לאק'-יו-לאס) א צעלע, א קעמערעל, א קליינער אבגעטיילטער חלל [אין פלאנצען אדער ביי חיות]; א זוימען קעמערעל [ביי פלאנצען].

lo'cum-te'nens *n.* (לאו'-קאם-טיע'-נענז) א שטעלפערטרעטער.

lo'cus *n.* (לאו'-קאס) א פלאץ, אן ארט; אין מאטעמאטיק — דער געאמעטרישער ארט, א ליניע וואס ווערט בעשריבען פון א פונקט [אדער א פלעכע וואס ווערט בעשריבען פון א ליניע] וואס בעוועגט זיך אונטער געוויסע בעדינגונגען; א פיגור וואס עס שטעלען מיט זיך צוזאמען די שטראהלען, וועלכע קומען ארויס פון עטליכע ברענ=פונקטען; א שטעלע, א פלאץ פון א שריפט.

lo'cust *n.* (לאו'-קאסט) א היישעריק; דער לאקוסט־בוים [אזא בוים מיט הארטען האלץ]; די פאלשע אקאציע, די קריסטוס־אקאציע [אזא בוים]; א באקסער־בוים [יאהאניסברויט־בוים]; א פאליצייסקער שטעקען.

Locust

locusta'rian *n.* (לאו-קאס-טיי'-רי-ען) א היישעריק־ענליכער אינזעקט.

lo'cust-bird *n.* (לאו'-קאסט-בוירד) דער רויט־געלבער שטאר אדער סקווארעץ [א קליינער אפריקאנישער פויגעל, וועלכער ערנעהרט זיך מיט היישעריקען].

lo'cust-tree *n.* (לאו'-קאסט-טריע) די פאלשע אקאציע [אן אמעריקאנער בוים, מיט שטעכיגע צווייגלעך און בלעטער און מיט ווייסע אראבהענגענדע בליטהען].

locu'tion *n.* (לא-קיו'-שאן) דאס ריידען; אן אויסדרוק; די רעדענס־ארט.

lode *n.* (לאוד) אבלייטונגס־גראבען; וואסער־אבלויף; א מינעראל־גאנג, א מינעראל־אדער.

lodes'man *n.* (לאודז'-מען) א פילאט, א לאטסמאן, א שטייערמאן.

lode'star *n.* (לאוד'-סטאר) דער לייטענדער שטערן [נאך וועלכען מען ריכטעט זיך]; דער פאלאר־שטערן.

lode'stone *n.* (לאוד'-סטאון) דער מאגנעט־שטיין.

lodge *n. and v.* (לאדזש) א הייזעל; א יאגד־הייזעל; אן אינדיאנער געצעלט; א צייטווייליגע וואהנונג; א נארע, א בעהעלטעניש [פון חיות]; א פערזאמלונגס־פלאץ פון א געהיימער געזעלשאפט; א לאדזש, א חברה, א פעראיין; א פלאץ אין א שאכט, וואו עס זאמעלט זיך אן וואסער; אוועקלעגען אלס זאפאס; איינלעגען [געלד]; זיך אוועקלעגען; איינקווארטירען, זיך איינקווארטירען; בעזארגען מיט א צייטווייליגער וואהנונג; זיך בעזארגען מיט א צייטווייליגער וואהנונג.

lodge'able *a.* (לאדזש'-עבל) בעוואהנבאר; וואס קען בענוצט ווערען אלס צייטווייליגע וואהנונג.

lodge a complaint' (לאדזש ע קאמ-פליינט') אריינבריינגען א קלאגע.
The policeman **lodged a complaint** against the prisoner.

lodge a cred'it (לאדזש ע קרעד'-איט) עפענען א קרעדיט.

lodge'-gate *n.* (לאדזש'-גייט) א טויער, נעבען וועלכען עס געפינט זיך א וואהנונג פאר'ן וועכטער.

lodge informa'tion (לאדזש אינ-פאר-מיי'-שאן) מאכען אן אנצייגע, געבען אינפארמאציאנען.

lodge informa'tion against' (לאדזש אינ-פאר-מיי'-שאן ע-גענסט') אריינבריינגען א קלאגע געגען איטעצען.

lodge'ment *n.* (לאדזש'-מענט) ז. *lodgment*

lodg'er *n.* (לאדזש'-ער) א לאזשירער, א קווארטיראנט.

lodg'ing *n.* (לאדזש'-אינג) א וואהנונג, א קווארטיר; אן אויפהאלט.

lodg'ing and keep (לאדזש'-אינג ענד קיעפ) קווארטיר און קעסט.

lodg'ing-car *n.* (לאדזש'-אינג-קאר) א וואגאן פאר די אייזענבאהן־אנגעשטעלטע.

lodg'ing-house *n.* (לאדזש'-אינג-האוס) א לאזשיר־הויז [וואו מען קען קריגען צייטווייליגע וואהנונג אדער קווארטירען].

lodg'ing-place *n.* (לאדזש'-אינג-פלייס) א נאכט־קווארטיר.

lodg'ment *n.* (לאדזש'-מענט) איינקווארטירונג; דאס קווארטירען אדער לאזשירען; דאס איינלעגען [געלד]; דאס אוועקלעגען; דאס אנזאמלען זיך; דאס אבזעצען זיך; אין מיליטער—א פאזיציע, א בעפעסטיגונג [געגען שונא].

loft *n. and v.* (לאהפט) אן עטאזש; אן אויבערשטער עטאזש איבער א מאגאזין אדער פאבריק; א בוידעם; א מעזאנין; א גאלעריע; בעזארגען מיט אן אויבערשטען עטאזש; מאכען א גאלעריע.

lof'tily *adv.* (לאהפ'-טי-לי) אין דער הויך; אויף אן ערהאבענעם שטייגער.

lof'tiness *n.* (לאהפ'-טי-נעס) הויכקייט; ערהאבענהייט; דערהויבענקייט; שטאלץ.

lof'ty *a.* (לאהפ'-טי) הויך; דערהויבען; ערהאבען; שטאלץ.

log *n., a. and v.* (לאג) א פאלענע, א שייט האלץ, א ניט געטשעסעטער קלאץ, א באלקען; א גולם, א בולוואן; א לאג, אן אפאראט צו מעסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף; אן אויספיהרליכע פערצייכניס פון דער רייזע פון א שיף פאר א טאג אדער מעהר, א שיף־זשורנאל; א צעטעל אין וועלכען עס ווערען פערשריבען די שטונדען וואס א שניידער־ארבייטער וועלכער קריגט געצאהלט פון שטונדע האט פערברויכט אויף א בגד; א לוג [א אלטע אידישע פליסיגקייטס־מאס, וועלכע איז געווען אונגעפעהר א האלבער ליטער אדער אביסעל ווייניגער ווי א קווארט]; געבויט פון ניט געטשעסעטע קלעצער; מעסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף מיט א לאג; אריינשרייבען אין שיף־זשורנאל.

lo'gan *n.* (לאו'-גען) ז. *loggan*

log'arithm *n.* (לאג'-ע-ריטהם) לאגאריטמוס [א צאהל וואס ווייזט וויפיעל מאל א צאהל, וועלכע ווערט אנגענומען אלס באזיס, דארף געדאפעלט ווערען אויף זיך אליין אום צו בעקומען א געוויסע צאהל. צ. ב., ווען 10 ווערט אנגענומען אלס באזיס, דאן וועט זיין 2 דער לאגאריטמוס פון 100 און 3 דער לאגאריטמוס פון 1000, ד. ה. אום צו בעקומען 100 דארף די צאהל 10 געדאפעלט ווערען 2 מאל אויף זיך און אום צו בעקומען 1000 דארף 10 געדאפעלט ווערען 3 מאל אויף זיך אליין. עס ווערט געשריבען $10^2=100$, $10^3=1000$].

logarithmet'ic *a.* (לאג-ע-ריטה-מעט'-איק) ז. *logarithmic*

logarithmet'ical *a.* (לאג-ע-ריטה-מעט'-אי-קעל) ז. *logarithmic*

logarith'mic *a.* (לאג-ע-ריטה'-מיק) לאגאריטמיש, וואס איז שייך צו לאגאריטמען. ז. *logarithm*

logarith'mical *a.* (לאג-ע-ריטה'-מי-קעל) ז. *logarithmic*

logarith'mical ta'bles (לאג-ע-ריטה'-מי-קעל טייבלז) לאגאריטמישע טאבעלען [אזעלכע טאבעלען, וואו עס זיינען אויסגערעכענט די לאגאריטמען פון פערשיעדענע צאהלען. ווערען בענוצט פאר פערשיעדענע מאטעמאטישע צוועקען].

log'-board *n.* (לאג'-באורד) א לאגטאוועל [א פאר טאוולען, ווי פון א בוך, וואו עס ווערען פערצייכענט די איינצעלהייטען פון דער רייזע פון א שיף].

log'-book *n.* (לאג'-בוק) דאס שיפס־טאגעבוך אדער שיף־זשורנאל [א בוך אין וועלכען עס ווערען פערצייכענט די איינצעלהייטען פון דער רייזע פון א שיף].

log'-cab'in *n.* (לאג'-קעב'-אין) א הייזעל געבויט פון קלעצער.

Log-cabin

log'-cab'in campaign' (לאג'-קעב'-אין קעמ-פיין') אין דער אמעריקאנער געשיכטע — דער פרעזידענטען וואהלקאמפף אין יאהר 1840, ווען די אנהענגער פון הענרי העריסאן האבען געטראגען אבצייכענונגען פון קלעצער־הייזלעך און פעסלעך עפעל־קוואס [געקומען איז עס דערפון, וואס איינער פון העריסאן'ס געגנער האט זיך אויסגעדריקט, אז העריסאן האט געלעבט אין א קלעצער־הייזעל און האט געטרונקען עפעל־קוואס].

log canoe' (לאג קע-נוה') א לאדקע [שיפעל] אויסגעהאקט פון א קלאץ.

log'gan *n.* (לאג'-ען) א וואג־שטיין [א פעלזען־שטיין וואס ליגט אזוי, דאס ער וואקעלט זיך ווי א וואג־שאל].

log'ger *n.* (לאג'-ער) א וואלד־האקער [איינער וואס האקט אויס בוי־האלץ].

log'gerhead *n.* (לאג'-ער-העד) א נארבער קאפ, א דומער יונג; אזא רונד שטיק אייזען מיט א לאנגען הענטעל [ווערט בענוצט ביים אויספעכען שיפען און פאר אנדערע צוועקען]; אזא גרויסע ים־טשערעפאכע [שילדקרעט]; דער קליינער גרויער ווירגער [אזא אמעריקאנער פויגעל וואס געפינט זיך אין די זידליכע טיילען פון לאנד]; אזא שטאנג מיט א רונדען קאפ וואס שטארצט ארויס פון דעם שפיץ פון א וואלפיש־שיפעל.

log'gerheaded *a.* (לאג'-ער-העד-עד) דום, נאריש, גראב־קעפיג.

log'gia *n.* (לאדזש'-א) א גאלעריע וואס האלט זיך אויף זיילען אין דעם פראנט פון א הויז; א גרויס געציערט פענסטער אין דעם מיטעלסטען אדער אין דעם גרונד־עטאזש פון א הויז.

log'ging *n.* (לאג'-אינג) דאס האקען בוי־האלץ פון א וואלד.

log'ging-camp *n.* (לאג'-אינג-קעמפ) א ווינטער־געצעלט פאר וואלד־האקער.

log'ging-rock *n.* (לאג'-אינג-ראק) א פעלזען־שטיין וואס ליגט אזוי, אז ער קען זיך וויגען.

log'-glass *n.* (לאג'-גלעס) דאס לאג־גלאז [א קליינע זאמד־אוהר וואס ווערט געברויכט אויף א שיף צו בעשטימען איהר געשווינדיגקייט].

log house (לאג האוס) א הויז וואס איז געבויט פון קלעצער.

log'-house *n.* (לאג'-האוס) ז. *log house*

log'ic *n.* (לאדזש'-איק) לאגיק, די לעהרע וועגען די געזעצען און פארמען פון ריכטיג דענקען; דאס ריכטיג דענקען.

log'ical *a.* (לאדזש'-אי-קעל) לאגיש, ריכטיג נאך'ן שכל, לויט די פרינציפען פון לאגיק.

logical'ity *n.* (לאדזש-אי-קעל'-אי-טי) לאגישקייט, דאס זיין לאגיש.

log'ically *adv.* (לאדזש'-אי-קעל-אי) לויט די פרינציפען פון לאגיק; על פי השכל.

log'icalness *n.* (לאדזש'-אי-קעל-נעס) ז. *logicality*

logi'cian *n.* (לא-דזשיש'-ען) א לאגיקער, א קענער פון לאגיק.

log'ion *n.* (לאדזש'-אי-אן) א גערייד, א זאגעכץ, א שפרוך.

logis'tic *a. and n.* (לא-דזשיס'-טיק) געאיבט אין רעכנען; וואס איז שייך צו רעכנען; פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג; די קונסט צו רעכנען אויף די פינגער אדער אויף א רעכען־קעסטעל; די רעכנונג מיט 60־סטלעך [ווי מינוטען אדער סעקונדען א. ד. ג.].

logis'tical *a.* (לא-דזשיס'-טי-קעל) געאיבט אין רעכנען; וואס איז שייך צו רעכנען; פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג.

logis'tic arith'metic (לא-דזשיס'-טיק ע-ריטה'-מעט-איק) פראקטישע אריפמעטיק [דאס רעכנען אויף די פינגער אדער מיט צייכענס].

logis'tics *n.* (לא-דזשיס'-טיקס) די רעכנונג מיט 60־סטלעך [ווי מינוטען, סעקונדען א. ד. ג.]; דער טייל פון מיליטערוויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער בעוועגונג פון די ארמעען, זייער פאנאנדערטיילונג א. ז. וו.; די סטראטעגישע וויסענשאפט, חכמת המלחמה.

log'-line *n.* (לאג'-לאין) די לאג־שטריק [א שטריק צו מעסטען די שנעלקייט פון א שיף].

log'man *n.* (לאג'-מען) א האלץ־טרעגער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביים אויסהאקען קלעצער און פיהרען זיי אין זעג־מיהל.

log'ogram *n.* (לאג'-א-גרעם) א ראשי תבות, א בוכשטאב אדער א צייכען, וואס ווערט געשריבען אנשטאט א ווארט [צ. ב. דער צייכען $ וואס בעדייטעט דאלאר].

log'ograph *n.* (לאג'-א-גרעף) א געשריבענעס ווארט; אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט אויסגעשפראכענע ווערטער.

logograph'ic *a.* (לאג-א-גרעפ'-איק) וואס בעשטעהט פון צייכענס וואס יעדער פון זיי שטעלט מיט זיך פאר א ווארט; וואס איז שייך צו לאגאגראפיע. ז. *logography*

logograph'ical *a.* (לאג-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *logographic*

logograph'ically *adv.* (לאג-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) דורך לאגאגראפיע. ז. *logography*

logog'raphy *n.* (לא-גאג'-רע-פי) ווארט־דרוק [דאס דרוקען מיט אזא דרוקשריפט, פון וועלכער יעדעס שטיקעל ענטהאלט א זילבע אדער א גאנצעס ווארט]; די מעטאדע פון פערשרייבען א רעדע ווארט ביי ווארט דורך עטליכע רעפארטערס, וועלכע פערשרייבען אין דער רייה יעדער צו עטליכע ווערטער.

log'ogriph *n.* (לאג'-א-גריף) א לאגאגריף [א מין בוכשטאבען־רעטעניש].

logom'achist *n.* (לא-גאמ'-ע-קיסט) א ווארט־שטרייטער, איינער וואס טשעפעט זיך צו ווערטער.

logom'achy *n.* (לא-גאמ'-ע-קי) א ווארט־שטרייט, א ווארט־קאמפף; א שפיעל מיט קארטען, אויף וועלכע עס זיינען אנגעשריבען איינצעלנע בוכשטאבען פון וועלכע עס דארפען צונויפגעשטעלט ווערען ווערטער.

logoma'nia *n.* (לאג-א-מיי'-ני-א) דאס פערלירען דאס לשון, דאס פערלירען די פעהיגקייט צו ריידען, שרייבען אדער פערשטעהן א שפראך. ז. *aphasia*

logom'eter *n.* (לא-גאמ'-ע-טער) א לאגאמעטער [א לאגאריטמישע סקאלא, אזא לינייקע אדער ווירע, דורך וועלכער מען קען אויסגעפינען די לאגאריטמען פון צאהלען]; א סקאלא צו מעסטען כעמישע עקוויוואלענטען; אזא אינסטרומענט צו מעסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף.

logomet'ric *a.* (לאג-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א לאגאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען כעמישע עקוויוואלענטען].

logomet'rical *a.* (לאג-א-מעט'-רי-קעל) ז. *logometric*

Log'os *n.* (לאג'-אס) א ווארט; דער גייסט אדער פערנונפט וואס דריקט זיך אוים אין ווערטער; אין פילאזאפיע — דער לאגאס, דאס געטליכע שאפענדע ווארט, דער געטליכער געדאנק, וואס האט זיך אבגעטיילט צו בעשאפען און אנפיהרען די וועלט; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די צווייטע פערזאן אין דער געטליכער דרייאייניגקייט, גאט'ס זוהן.

log'othete *n.* (לאג'-א-טהיט) א רעכנונגס־בעאמטער אדער קאנצלער אין דער אלטער ביזאנטישער מלוכה.

log'otype *n.* (לאג'-א-טאיפ) ווארט־דרוק־שריפט [דרוק־שריפט וואס עטליכע בוכשטאבען אדער א גאנצעס ווארט איז אויסגעגאסען צוזאמען].

log'-reel *n.* (לאג'-ריעל) די שפול ארום וועלכער עס איז ארומגעוויקעלט די לאג־שטריק [די שטריק מיט וועלכער עס ווערט געמאסטען די געשווינדיגקייט פון א שיף].

log'roll *v.* (לאג'-ראול) אריינגעהן אין א פאליטישען אבמאך צו שטיצען איינער דעם אנדערען דורכצופיהרען געוויסע געזעצען אין געזעצגעבענדע קערפערשאפטען.

log'-roll'er *n.* (לאג'-ראול'-ער) א דאמפף־מאשין אין א זעג־מיהל וואס לעגט די קלעצער צום זעגען; איינער פון א פארטיי אדער גרופע וואס שליסט אן אבמאך מיט אן אנדער פארטיי אדער גרופע אין א געזעצגעבענדער קערפערשאפט צו שטיצען איינע די אנדערע ביים דורכפיהרען געזעצען.

log'-roll'ing *n.* (לאג'-ראול'-אינג) 1. א פערזאמלונג פון נאכבארען אום צו העלפען איינער דעם אנדערען אראבצופיהרען קלעצער פון א פלאץ; 2. געגענזייטיגע שטיצע פון איינצעלנע פערטרעטער אדער גרופען אין א געזעצגעבענדער קערפערשאפט דורכצופיהרען געוויסע געזעצען.
2. The bill was passed in congress by log-rolling methods.

log'-tur'ner *n.* (לאג'-טויר'-נער) אין א זעג־מיהל — א מאשין, וועלכע בעוועגט דעם קלאץ צו דער זעג צו

log'wood *n.* (לאג'-הוואוד) בלוי־האלץ [אזא זארט זעהר הארט האלץ וואס קומט פון צענטראל־אמעריקא. דיעזעס האלץ צייכענט זיך אוים מיט זיין שווערקייט. עס האט א רויטליך־ברוינעם קאליר און ווערט בענוצט אין פארבען וואל, זייד, באוועל און לעדער. א געוויסער עקסטראקט פון דיעזען האלץ ווערט בענוצט אין מעדיצין]; דער בוים פון וועלכען דאס בלוי־האלץ ווערט גענומען.

Logwood

lo'hoch *n.* (לאו'-האק) ז. *lincture*

loi'mic *a.* (לאי'-מיק) וואס איז שייך צו פעסט אדער מגפה.

loimog'raphy *n.* (לאי-מאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון א פעסט אדער מגפה.

loimol'ogy *n.* (לאי-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פעסט אדער מגפות.

loin *n.* (לאין) די לענד, דאס לענדען־שטיק.

loin'-cloth *n.* (לאינ'-קלאהטה) א שטיק צייג וואס מען טראגט ארום די לענדען אדער היפטען.

loi'ter *v.* (לאי'-טער) זאמען, צעגערען, פטר'ען ציים, גארנישט טהאן.

loi'ter about' (לאי'-טער ע-באוט') ארומגעהן פוסט און פאס.

loi'terer *n.* (לאי'-טער-ער) אן ארומטרייבער, א פוסט און פאסניק, א לעדיגגעהער.

loi'tering *a.* (לאי'-טער-אינג) פויל; זייענדיג פויל.

loi'teringly *adv.* (לאי'-טער-אינג-לי) פוילענדיג זיך.

loll *v.* (לאל) זיך פויל אנלעהנען, זיך ציהען [ווי פון פוילקייט]; ארויסהענגען [ווי די צונג פון א הונד]; ארויסשטעקען [די צונג].

lol'lard *n.* (לאל'-ארד) א פוילענצער.

Lol'lard *n.* (לאל'-ארד) א לאלארד, אן אנהענגער פון דער ענגלישען רעפארמאטאר דזשאן וויקליף אין 14טען יאהרהונדערט, וועלכער איז ארויסגעטרעטען נעגען דער הערשאפט פון די גייסטליכע און פון פאפסט. דיעזע רעפארם־בעוועגונג, וועלכע איז אריינגעלעגט געווארען פון פאפסט אין חרם, האט שפעטער אנגענומען אויסער איהר רעליגיעזען כאראקטער אויך א סאציאלען; א מיטגליעד פון א געוויסען פעראיין אין נידערלאנד ארום דעם יאהר 1300, וועלכער האט געהאט די אויפגאבע צו בעזוכען ארימע קראנקע און זיי צו בעערידנען נאך'ן טויט.

Lol'lardism *n.* (לאל'-אר-דיזם) די פרינציפען אדער די לעהרע פון די לאלארדען. ז. *Lollard*

Lol'lardist *n.* (לאל'-אר-דיסט) וואס איז שייך צו די לאלארדען אדער זייערע פרינציפען. ז. *Lollard*

Lol'lardy *n.* (לאל'-אר-די) ז. *Lollardism*

loll'er *n.* (לאל'-ער) א פוילענצער, א פוסט און פאסניק, אן ארומטרייבער.

loll'ing *a.* (לאל'-אינג) אראבהענגענדיג; פויל אנלעהנענדיג זיך; ציהענדיג זיך [ווי פון פוילקייט].

loll'ingly *adv.* (לאל'-אינג-לי) הענגענ־דיג, ארויסהענגענדיג; פויל אנלעהענענדיג זיך; ציהענדיג זיך [ווי פון פוילקייט].

lol'lipop *n.* (לאל'-אי-פאפ) ז. *lollypop*

lol'ly *n.* (לאל'-אי) א צונויפמישונג פון שטיקער; ווייכע צוריבענע אייז פון קריהעס וואס שלאגען זיך צונויף; צוקער־געבעקס, קאנפעקטען.

lol'lybanger *n.* (לאל'-אי-בענ-גער) אזא דיקער איינגבער־קוכען געבאקען מיט ראזשינקעס.

lol'lypop *n.* (לאל'-אי-פאפ) א מין קאנפעקטען, א מין צוקער־געבעקס.

Lom'bard *n. and a.* (לאמ'-בארד) אן איינוואוינער אדער בירגער פון לאמבארדיע אין איטאליען; א מיטגליעד פון דעם גער־מאנישען שבט לאנגאבארדע, וועלכער האט ארום יאהר 568 איינגענומען א טייל פון נארד־איטאליען און האט געגרינדעט א קעניגרייך אונטער דעם נאמען לאמבאר־דיע; וואס איז שייך צו לאמבארדיע אדער צו איהרע איינוואוינער.

lom'bard *n.* (לאמ'-בארד) א לאמבארד, א לייה־הויז אויף משכנות.

Lombar'dic *a.* (לאמ-באר'-דיק) וואס איז שייך צו לאמבארדיע אדער צו איהרע איינוואוינער; וואס איז שייך צו דער קונסט פון לאמבארדיע. ז. *Lombard*

lo'ment *n.* (לאו'-מענט) א גליעדערשויט [א געצאקטער שויט, ווי פון בעבלעך, וואס בעשטעהט פון אבגעטיילטע קעמער־לעך]



Loment

lomenta'ceous *a.* (לאו-מען-טיי'-שיאס) וואס איז ענליך צו א גליעדער־שויט; וואס האט גליעדער־שויטען. ז. *loment*

Lon'don clay (לאנ'-דאן קליי) לאנדאנ־ליים [דער ליים־שיכט וואס האט זיך גע־בילדעט אין דער ערד אין דעם אנפאנג פון דער נעאלאגישער טערציאר פעריאדע. דיעזע ליים געפינט זיך אין זיד־אסט ענג־לאנד און בעזאנדערס ארום און אין לאנ־דאן].

Lon'doner *n.* (לאנ'-דאנ-ער) א לאנ־דאנער.

Londonese' *a. and n.* (לאנ-דאנ-איס') וואס איז שייך צו לאנדאן אדער צו די איינגענטימליכקייטען פון דער לאנדאנער שפראך; די ענגלישע שפראך ווי זי ווערט גערעדט אין לאנדאן.

Lon'donism *n.* (לאנ'-דאנ-איזם) א לאנדאנער שפראך־אויסדרוק.

Lon'donize *v.* (לאנ'-דאנ-איז) לאנדא־ניזירען, מאכען פאר א לאנדאנער; אנ־נעהמען לאנדאנער מאניערען אדער גע־וועהנהייטען.

Lon'don-pride *n.* (לאנ'-דאנ-פראיד) דאס פארצעליי־בלימעל [אזא גארטען־בלום וואס וואקסט אין ענגלאנד].

lone *a.* (לאון) איינזאם, אליין, אבגעזונ־דערט; עלענד, פערלאזען; אונפערהיי־ראט.

lone'liness *n.* (לאונ'-לי-נעס) איינזאמ־קייט, אבגעזונדערטקייט; עלענד, פערלא־זענהייט.

lone'ly *a.* (לאונ'-לי) איינזאם, אליין; עלענד, פערלאזען.

lone'ness *n.* (לאונ'-נעס) איינזאמקייט; אבגעזונדערטקייט.

lone'some *a.* (לאונ'-סאם) איינזאם, אליין, אבגעזונדערט, פערלאזען.

lone'somely *adv.* (לאונ'-סאם-לי) אויף אן איינזאמען, אבגעזונדערטען, פערלאזע־נעם שטייגער.

lone'someness *n.* (לאונ'-סאם-נעס) ז. *loneliness*

lu'cre *n.* (ליו'-קער) ריוח, פראפיט, פערדיענסט; דער לוסט צו געלד; זשעד־ נעקייט.

lucrif'erous *a.* (ליו-קריפ'-ע-ראס) איינטרעגליך; וואס ברייננט פראפיט אדער ריוח.

lucrif'ic *a.* (ליו-קריפ'-איק) ז. *lucriferous*.

lu'crous *a.* (ליו'-קראס) וואס איז שייך צו פראפיט אדער ריוח.

lucta'tion *n.* (לאק-טיי'-שאן) די אנ־ שטרענגונג בייצוקומען איינעם אין א גע־ פעכט; א קאמפף, א שטרייט.

luc'tual *a.* (לאק'-טשו-על) וואס רופט ארויס טרויער אדער קלאג.

luc'tuous *a.* (לאק'-טשו-אס) ז. *luctual*.

lu'cubrate *v.* (לו'-קיו-בריייט) שטודי־ רען פאר ליכט; ארבייטען נעכט; לער־ נען מיט גרויס התמדה; טיעף אריינטראכ־ טען זיך; אויסארבייטען עפעס דורך דער נאכט פאר ליכט.

lucubra'tion *n.* (לו-קיו-בריי'-שאן) דאס ארבייטען נעכט; דאס שטודירען פאר ליכט; דאס לערנען מיט התמדה; דאס טיעף אריינטראכטען זיך; דער רעזול־ טאט פון לערנען אדער דענקען; אן אנ־ געשריבען ווערק.

lu'cubrator *n.* (לו'-קיו-בריי-טאר) דער, וועלכער ארבייט נעכט אדער שטו־ דירט מיט גרויס התמדה.

lu'cubratory *a.* (לו'-קיו-ברע-טא-רי) וואס איז פערפאסט געווארען דורך שווערער נאכט-ארבייט אדער גרויס התמדה.

lu'culent *a.* (ליו'-קיו-לענט) העל, קלאר; שיינענד; דייטליך, פערשטענדליך; אהן א טעות.

lu'culently *adv.* (ליו'-קיו-לענט-לי) אויף א העלען, קלארען אדער דייטליכען אופן

lucul'lite *n.* (לו-קאל'-איט) דער לוקולאן אדער לומאכעל [א מין טייערער מארמאר, וועלכער ענטהאלט אין זיך פיעל שטיקלעך פון פערשטיינערטע מושלען און דיעזע מושלען גיבען איהם צו פערשיעדענארטיגע קאלירען].

Lud *int.* (לאד) גאט! מייז גאט! [אן אויסגעשריי].

Lud'dite *n. and a.* (לאד'-איט) א מיטגליעד פון א געהיימער ארבייטער-ארגאניזאציאן אין ענגלאנד, וועלכע האט עקזיסטירט פון די יאהרען 1811 ביז 1816 מיט דעם ציעל צו מאכען בונטען און פערניכטען די ניי-איינגעפיהרטע מאשינען; וואס איז שייך צו דיעזער ארגאניזאציאן.

lu'dicrous *a.* (ליו'-די-קראס) שפאסהאפט, קאמיש, לעכערליך.

lu'dicrously *adv.* (ליו'-די-קראס-לי) אויף א קאמישען, לעכערליכען אופן.

lu'dicrousness *n.* (ליו'-די-קראס-נעס) שפאסהאפטיגקייט, קאמישקייט, לעכערליכקייט:

luff *n. and v.* (לאף) דער רונדער און ברייטער טייל פון דער נאז פון א שיף; דער טייל פון שיף, וועלכער איז גערוכטעט צו דער זייט פון ווינד; דער גאנג פון א שיף אין דער ריכטונג פון ווינד; דער טייל פון זעגעל וועלכער איז אנגעצויגען צו דער זייט פון ווינד: א לייטענאנט אויף א שיף; קירעווען די שיף אין דער ריכטונג פון ווינד.

lug *v. and n.* (לאג) שלעפען; צופען, רייסען; נעבען א צופ אדער א ריס פאר'ן אויער; פלאגען, קוועלען; דאס שלעפען; דאס וואס ווערט געשלעפט; א משא; א פוילענצער; א ווארים, וועלכען מען טשעפעט אן אויף דער ווענטקע צו כאפען פיש; דער אויער; דאס אויערעל פון עפעס א זאך; א הענטעל פון א כלי אדער געצייג; אן אושאק אדער קאסאק וואס שטארצט ארויס פון וואנד; א סארט טאבאק.

lug'gage *n.* (לאג'-עדזש) עפעס וואס מען דארף טראגען אדער שלעפען; געפעק; באגאזש.

lug'gage-van *n.* (לאג'-עדזש-ווען) א באגאזש-וואגאן.

lug'ger *n.* (לאג'-ער) א ליוגער [א שיף מיט דריי מאסטען און לאנגע זעגלען].



Lugger

lug'-hooks *n.* (לאג'-הוקס) א פאר האקענס אנגעטשעפעט אין מיטען פון א קורצער שטאנג צו טראגען קליינע משאות.



Lug-hooks

lug out (לאג אוט) ארויסציהען נעלד.

lug'-sail *n.* (לאג'-סייל) א שיף-זעגעל וואס הענגט שרעג.

lugubrios'ity *n.* (לו-גיו-ברי-אס'-אי-טי) טרויער, קומער; קלעגליכקייט, טרויעריגקייט.

lugu'brious *a.* (לו-גיו'-ברי-אס) טרויעריג, קלעגליך; פול מיט צער אדער קומער.

lugu'briously *adv.* (לו-גיו'-ברי-אס-לי) קלאגענדיג, טרויערענדיג.

lugu'briousness *n.* (לו-גיו'-ברי-אס-נעס) ז. *lugubriosity*

lug'worm *n.* (לאג'-הווארם) א גרויסער ווארים, וואס גראבט זיך איין אין זאמד ביים ברעג ים, ווערט בענוצט צו כאפען פיש.

luke *a.* (ליוק) ווארעמליך, לעבליך.

luke'warm *a.* (ליוק'-הוואהרם) ווארעמליך, לעבליך; ניט זעהר היציג; קאלטבלוטיג, גלייכגילטיג.

luke'warmly *adv.* (ליוק'-הוואהרם-לי) ווארעמליך, לעבליך; קאלטבלוטיג, גלייכגילטיג.

luke'warmness *n.* (ליוק'-הוואהרם-נעס) לעבליכקייט; גלייכגילטיגקייט, קאלטבלוטיגקייט.

lull *v. and n.* (לאל) ליולען; איינוויעגען; איינשלעפערען; בערוהיגען; צערטלען; איינשטילען זיך, בערוהיגען זיך; בערוהיגונג, איינשטילונג.

lull'aby *n. and v.* (לאל'-ע-באי) א וויעג-ליעד [א ליעדעלע איינצושלעפערען א קינד]; איינשלעפערען מיט א וויעג-ליעד.

lull'er *n.* (לאל'-ער) דער וועלכער שלעפערט איין אדער וויעגט איין.

lull'ingly *adv.* (לאל'-אינג-לי) איינשלעפערענדיג, בערוהיגענדיג.

lum *n.* (לאם) א קוימען; א טהאל וואס איז בעוואקסען מיט וואלד.

lumachel'la *n.* (ליו-מע-קעל'-א) מושעל-מארמאר [דער מארמאר פון די פערקאלכטע אדער פערשטיינערטע מויערקעפ].

lumbag'inous *a.* (לאם-בעדזש'-אי-נאס) וואס האט א וועהטאג אין די לענדען אדער היפטען.

lumba'go *n.* (לאם-ביי'-גאו) א וועהטאג אין די לענדען אדער היפטען.

lum'bal *a.* (לאמ'-בעל) ז. *lumbar*

lum'bar *a.* (לאמ'-באר) וואס איז נוגע צו די לענדען אדער היפטען.

lum'bar re'gion (לאמ'-באר רי'-דזשאן) דאס ארט פון די לענדען אדער היפטען [אין קערפער פון א מענשען אדער חיה].

lum'ber *n. and v.* (לאמ'-בער) געהילץ [ווי ברעטער, ברוסען א. ז. וו.]; אבגעווארפענע, אבגעניצטע זאכען; שמאטעס; פלאפלעריי, דברים בטלים; אנפילען מיט נוצלאזע זאכען; אנווארפען; אנלעגען; אנווארפען אין אונארדנונג; האנדלען מיט געהילץ; זיך שלעפען מיט מאטערניש; הארעווען; קומען נעהנטער מיט א גערויש.

lum'ber-car *n.* (לאמ'-בער-קאר) א וואגאן צו פיהרען געהילץ.

lum'berer *n.* (לאמ'-בער-ער) איינער וואס איז בעשעפטיגט ביים האקען און ארויספיהרען געהילץ פון וואלד.

lum'bering *n. and a.* (לאמ'-בער-אינג) דאס האקען און ארויספיהרען געהילץ פון וואלד; וואס שלעפט זיך מיט מאטערניש; וואס דערנעהנטערט זיך מיט א גערויש.

lum'ber-kiln *n.* (לאמ'-בער-קיל) א טריקען-קאמער פאר געהילץ [א קאמער וואס ווערט געהייצט צום טריקענען געזעגטע. געהילץ].

lum'berly *a.* (לאמ'-בער-לי) שלעפענדיג זיך; געהענדיג פארווערטס מיט שווערע טרים.

lum'berman *n.* (לאמ'-בער-מען) א געהילץ-הענדלער; איינער וואס האקט און פיהרט ארויס געהילץ.

lum'ber-room *n.* (לאמ'-בער-רוהם) א צימער פאר אלטע נוצלאזע זאכען.

lum'ber-wag'on *n.* (לאמ'-בער-וועג'-אן) א גרויסער קאסטען-וואגען צו פיהרען משא; א גרויסער וואגען צו פיהרען געהילץ.

lum'ber-yard *n.* (לאמ'-בער-יארד) א געהילץ-הויף, א געהילץ-לאגער.

lumbodyn'ia *n.* (לאם-בא-דינ'-אי-א) ז. *lumbago*

lum'bric *n.* (לאמ'-בריק) אן ערד-ווארם, א רעגען-ווארם.

lum'brical *a. and n.* (לאמ'-ברי-קעל) וואס איז עהנליך צו א ווארם; ווארם-פערמיג; אין אנאטאמיע — דער ווארם-פערמיגער מוסקול [איינער פון די פיער קליינע מוסקולען אויף די פינגער פון דער האנד].

lumbric'iform *a.* (לאם-בריס'-אי-פארם) ווארם-פערמיג; עהנליך צו א ווארם.

lum'bus *n.* (לאמ'-באס) אין אנאטאמיע — די לענד, דער טייל פון קערפער וואו עס געפינען זיך די לענדען.

lu'men *n.* (ליו'-מען) אן עפנונג אדער דורכגאנג אין א קערפער-גליעד; א חלל.

lum'-head *n.* (לאמ'-העד) דער שפיץ אדער קאפ פון א קוימען.

lu'minarist *n.* (לו'-מי-נע-ריסט) אין מאלעריי — איינער וואס מאלט א בילד מיט ליכט און שאטענס; איינער וואס איז געשיקט אין לעגען ליכט און שאטענס אויף א בילד.

lu'minary *n.* (לו'-מי-נע-רי) א ליכט-געבער, א קערפער וואס גיט ארויס ליכט, ווי די זון, די שטערען א. ד. ג.; איינער וועלכער דיענט אלס קוואל פון גייסטיגער בעלייכטונג, א שטערען, א גדול.

luminif'erous *a.* (לו-מי-ניפ'-ע-ראס) וואס גיט ליכט, וואס בריינגט ארויס ליכטיגקייט.

luminos'ity *n.* (לו-מי-נאס'-אי-טי) דאס זיין ליכטיג; דער גראד ליכטיגקייט אדער העלקייט פון א קאליר, וואס ווערט געמאסטען דורך געוויסע אינסטרומענטען; אין באטאניק — די פאספארעסצענץ, די אייגענשאפט פון געוויסע פלאנצען ארויסצולאזען פון זיך א פאספארישען שיין.

The lense of the telescope must be of exceptional luminosity.

lu'minous *a.* (לו'-מי-נאס) וואס גיט ארויס ליכטיגקייט; לייכטענד, ליכטיג, העל; גלענצענד; שיינענד.

lu'minously *adv.* (לו'-מי-נאס-לי) אויף א לייכטענדען שטייגער; גלענצענדיג; שיינענדיג.

lu'minousness *n.* (לו'-מי-נאס-נעס) ליכטינקייט, העלקייט, קלארקייט.

lu'minous ray (לו'-מי-נאס ריי) א ליכט=שטראהל.

lum'mox *n.* (לאמ'-אקס) א ליימענער גולם, א דומער יונג.

lum'my *a.* (לאמ'-אי) געשיקט, כיטרע [אויף גנבים=שפראך].

lump *n. and v.* (לאמפ) א שטיק, א קלומפ; א געשוואולסט, א גוז, א גוליע; דער לומפ=פיש [ז. *lump-fish*]; א ליימענער גולם, א דומער יונג; צוזאמענ=נעהמען אין איין מאסע; צונויפנעהמען האק און פאק; נעהמען ווי עס געהט, ניט קלייבענדיג; ארבייטען אלס לאסט=טרע=גער ביי שיפען.

lum'per *n.* (לאמ'-פער) א לאסט=טרע=גער [אן אנלאדער און אויסלאדער] ביי א שיף.

lump'-fish *n.* (לאמפ'-פיש) דער לומפ=פיש אדער דער ים=האז [אזא ברייטער, קורצער און ווייכער ים=פיש].



Lump-fish

lum'piness *n.* (לאמ'-פי-נעס) דאס בע=שטעהן פון שטיקער אדער קלומפען.

lum'ping *a.* (לאמ'-פינג) קלומפיג, פלומפ, גראב, דיק, שווער.

lump in the throat (לאמפ אין טהי טהראוט) פערשטיקט דעם האלז [ווי פון איינהאלטען זיך פון וויינען].

A lump was formed in the throat of the judge as he heard the tragic story of the prisoner.

lum'pish *a.* (לאמ'-פיש) פלומפ, גראב, דיק, שווער; אונגעלומפערט; דום, נאריש.

lum'pishly *adv.* (לאמ'-פיש-לי) אין קלומפען, אין שטיקער; אויף א פלומ=פען אדער אונגעלומפערטען אופן; שווער, גראב, דיק; מיט דומהייט.

lum'pishness *n.* (לאמ'-פיש-נעס) גראבקייט, דיקקייט, שווערקייט, אונגע=לומפערטקייט; דומהייט.

lump'-suck'er *n.* (לאמפ'-סאק'-ער) ז. *lump-fish*.

lump'-sug'ar *n.* (לאמפ'-שוג'-אר) שטיק=צוקער [געהאקטער צוקער].

lump sum (לאמפ סאם) א סומע געלד וואס ווערט בעצאהלט מיט איין מאל.

The debt was paid in a lump sum.

lump work (לאמפ הוואירק) אן ארבייט וואס ווערט אונטערנומען צו מאכען אין גאנצען אין אלע איהרע טיילען.

lum'py *a.* (לאמ'-פי) וואס בעשטעהט פון שטיקער, פול מיט שטיקער; אונגע=לומפערט, שווער; דום, נאריש.

Lu'na *n.* (לו'-נא) לונא [די געטין פון דער לבנה ביי די אלטע רוימער].

lu'na *n.* (לו'-נא) די לבנה; זילבער.

lu'na cor'nea (לו'-נא קאר'-ני-א) הארנזילבער אדער זילבער=כלאריד.

lu'nacy *n.* (לו'-ניי-סי) פערריקטקייט, משוגעת.

lu'na-moth *n.* (לו'-נא-מאטה) אזא גרויסער, זעהר שעהנעם זומער=פויגעלע אין נארד=אמעריקא פון א העל=גרינעם קא=ליר מיט לילא אדער וויאלעט=פארבינע ראנדען.

lu'nar *a. and n.* (לו'-נאר) וואס איז שייך צו דער לבנה; ווי די לבנה; עהנ=ליך צו דער לבנה; ווי א האלבע לבנה; וואס איז שייך צו זילבער; דער מרחק פון דער לבנה פון דער זון. ז. *lunar distance*.

lu'nar caus'tic (לו'-נאר קאהס'-טיק) דער העלען=שטיין [א כעמישע פעראייני=גונג וואס בעשטעהט פון זאלפעטער=זויע=רען זילבער=אקסיד].

lu'nar cy'cle (לו'-נאר סאיקל) דער לבנה=ציקלוס [א משך פון 19 יאהר. דער צושטאנד פון דער זון איז אין ענד פון דעם ציקלוס דערזעלביגער ווי אין אנ=פאנג].

lu'nar dis'tance (לו'-נאר דיס'-טענס) דער מרחק פון דער לבנה פון דער זון, לויט וועלכען עס ווערט גערעכענט די גע=אגראפישע לענג אין וועלכער א שיף גע=פינט זיך אויף'ן ים.

luna'rian *n.* (לו-ניי'-רי-ען) א קענער אין דעם שטודיום פון דער לבנה; א בע=וואהנער פון דער לבנה [לויט ווי מען האט אמאל געגלויבט]

lu'narist *n.* (לו'-נאר-איסט) א קענער אין דעם שטודיום פון דער לבנה.

lu'nar month (לו'-נאר מאנטה) דער לבנה=חדש [דער חדש, גערעכענט נאך דעם גאנג פון דער לבנה, ווי דער אידי=שער חדש].

lu'nar ta'bles (לו'-נאר טייבלז) טאבע=לען אויף וועלכע עס איז אויסגערעכענט דער גאנג פון דער לבנה און לויט וועלכע מען קען אויסגעפינען דאס ארט פון דער לבנה צו יעדער צייט.

lu'nary *n.* (לו'-נא-רי) אזא פלאנצע וועג=נען וועלכער מען האט אמאל געגלויבט, אז זי האט די קראפט ארא בצוציהען די פאדקאוועס פון די פיס פון פערד.

lu'nar year (לו'-נאר ייהר) א לבנה=יאהר [א יאהר פון 354 טעג, ווי דאס אי=דישע יאהר].

lu'nate *a.* (לו'-נייט) האלב=לבנה=פערמיג, ווי א האלבע לבנה.

lu'nated *a.* (לו'-ניי-טעד) ז. *lunate*.

lu'nately *adv.* (לו'-נייט-לי) אין דער פארם פון א האלבער לבנה.

lu'natic *a. and n.* (לו'-נעט-איק) פער=ריקט, משוגע, וואהנזיניג; א פערריקטער, א משוגענער.

lu'natic asy'lum (לו'-נעט-איק ע-סאי'-לאם) א משוגעים=הויז, אן אירען=אנשטאלט.

luna'tion *n.* (לו-ניי'-שאן) די אומדרע=הונג פון דער לבנה ארום דער ערד.

lunch *n. and v.* (לאנטש) א צוביס, א נאכמיטאג=צוביס, א צווייטער אנבייסען; א צווייטער פריהשטיק, א קליינער מאהל=צייט [צווישען די גרויסע]; צובייסען; עסען פריהשטיק.

lunch'-coun'ter *n.* (לאנטש'-קאונ'-טער) א הויכער עס=טיש אין א שענק, רעסטאראן א. ד. ג., וואו מען זיצט אויף הויכע שטוהלען ביים עסען אדער טרינקען.

lun'cheon *n. and v.* (לאנ'-טשאן) ז. *lunch*.

lune *n.* (לון) א האלבע לבנה; א גע=מעטרישע פיגור אין דער פארם פון א האלבער לבנה; א גולם.

lunette' *n.* (לו-נעט') עטוואס וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה; אין בע=פעסטיגונגס=ווערק — א בעפעסטיגונג וואס ענדיגט זיך מיט א שפיץ אויסגע=שטעלט געגען פיינד [ווערט געמאכט צו שיצען גאסען אדער בריקען]: א האלבע פערדישע פאדקאווע וואס האט נור דעם פראנט; א פערד=בריל [אן ארויסגע=שטארצט שטיקעל לעדער פון דער צוים פון א פערד, וואס לאזט איהם ניט קוקען אין אלע זייטען]; אן עפנונג אדער פענסטערעל אין א דאך; א פלא=כעס אוהר=גלאז; א קאנוועקס=קאנקאוועס ברילען=גלאז

lung *n.* (לאנג) א לונג.

lunge *n. and v.* (לאנדזש) א שטויס, א טרייסעל, א קלאפ; שטויסען; טרייס=לען.

lunged *a.* (לאנגד) מיט לונגען, וואס האט לונגען.

lung'-grown *a.* (לאנג'-גראון) וואס האט צוגעוואקסענע לונגען.

lung'less *a.* (לאנג'-לעס) אהן לונגען.

lun'goor *n.* (לאנ'-גוהר) א מין אפע פון צפון=אינדיען מיט א ווייסער בארד.

lungs *n.* (לאנגז) די לונגען.



Lungs

lung'wort *n.* (לאנג'-הוואירט) לונגען=קרויט [אזא פלאנצע וועלכע מען האט אמאל בענוצט אלס מיטעל געגען לונגען=קראנקהייט].

lu'niform *a.* (לו'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון דער לבנה, וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

luniso'lar *a.* (לו-ני-סאו'-לער) וואס איז שייך צו דעם גאנג פון דער לבנה און פון דער זון צוזאמען.

lu'nistice *n.* (לו'-ניס-טיס) אין אסטראנאמיע — די צייטען ווען די לבנה איז אין ווייטסטען פונקט פון דער ערד אין צפון אדער דרום=זייט.

luniti'dal *a.* (לו-ני-טאי'-דעל) וואס איז שייך צו עבע און פלוט [שטייגען און אבפאלען פון וואסער אין ים] דורך דער צוציהונגס=קראפט פון דער לבנה.

lunk'head *n.* (לאנק'-העד) א ליימע=נער גולם, א גלאמפ.

lu'nula *n.* (לו'-ניו-לא) עטוואס וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה; א געאמעטרישע פיגור וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

lu'nular *a.* (לו'-ניו-לאר) וואס האט די פארם פון א האלבער לבנה.

lu'nulate *a.* (לו'-ניו-לייט) ז. *lunular*.

lu'nule *n.* (לו'-ניול) ז. *lunula*.

Luperca'lia *n.* (לו-פער-קיי'-לי-א) דער אלט-רוימישער יעהרליכער יום טוב אין מאנאט פעברואר לכבוד דעם גאט לופערקוס.

lu'pine *a. and n.* (ליו'-פין) וועלפיש, ווי א וואלף; וואס איז שייך צו דער גרופע חיות צו וועלכער עס געהערט דער וואלף; די לופענע אדער וועלפישער באב [אזא פלאנצע וואס ווערט בענוצט צום פערבעסערן אז אונפרוכטבארע באדען צוליעב איהר איינגעשאפט אויפצונעהמען פיעל שטיק-שטאף פון דער לופט].

lu'puline *n. and a.* (ליו'-פיו-לין) לופולין, האפען-מעהל, דער ביטערער עקסטראקט פון האפען; וואס איז עהנליך צו א האפען-קעפעל.

Lu'pus *n.* (ליו'-פאס) א געוויסעס שטערען-בילד אין דער אלטער אסטראנאמיע וואס שטעלט מיט זיך פאר דאס בילד פון א וואלף.

lu'pus *n.* (ליו'-פאס) א וואלף; א טובערקולאזער הויט-אויסשלאג, מייסטענס אויף דער נאז.

lurch *v. and n.* (לוירטש) לויערען, אבהיטען פון א בעהעלטעניש; בעשווינדלען, בעטריגען; זיך טרייסלען, זיך ווארפען אויף אלע זייטען [ווי א שיף אין א שטורמדיגען ים]; וואקלען זיך, שאקלען זיך; א שאקעל, א טרייסעל, א שטויס; אן אבווייכונג אדער פערשיבונג פון ארט; אין קריבעדזש-שפיעל [אזא קארטען-שפיעל] — די לאגע פון א שפיעלער ווען זיין געגנער האט געוואונען אלע פונקטען [61] איידער ער האט געמאכט 30; דער צושטאנד פון אזא שפיעל; א דאפעל-שפיעל אין קריבעדזש; געווינען א דאפעל-שפיעל אין קריבעדזש.

lur'cher *n.* (לויר'-טשער) א לויערער; א לויער-הונד, א שפיר-הונד.

lur'dan *a. and n.* (לויר'-דען) דום, אונפעהיג; א דומער מענש, א ליימענער גולם.

lur'den *a. and n.* (לויר'-דען) ז. ***lurdan***.

lure *n. and v.* (ליור) א צוציהונג; א פערנארונג; דאס ווערעמעל אדער פליגעלע וואס ווערט ארויפגעשטאכען אויף'ן האטשעק [אנגעל] אום צוצוציהען פיש; צוציהען; פערנארען.

The lure of the land forces me to become a farmer.

lu'rid *a.* (ליו'-ריד) בלייך; פערדונקעלט, פערצויגען ווי מיט א וואלקען אדער רויך; וואס האט א קאליר פון א רויכיגען פלאם; וואס האט א שמוציג-ברוינעם קאליר [וועגען געוויסע פלאנצען אדער חיות].

lurk *v.* (לוירק) לויערען; זיין בעהאלטען.

lur'ker *n.* (לויר'-קער) א לויערער, איינער וואס לויערט פון א בעהעלטעניש.

lur'king-place *n.* (לויר'-קינג-פלייס) א לויערונגס-ארט, א בעהעלטעניש-ארט, אן ארט צום לויערען.

lur'king suspi'cion (לויר'-קינג סאס-פיש'-אן) א בעהאלטענער פערדאכט אין הארצען.

We all had a lurking suspicion that some day he would betray his comrades.

lus'cious *a.* (לאש'-אס) זעהר זיס; פריקרע זיס; געשמאק; אנגענעהם, רייצענד.

I bought a luscious pear.

lus'ciously *adv.* (לאש'-אס-לי) זעהר זיס; מיט פריקרער זיסקייט; אויף א געשמאקען, אנגענעהמען אופן.

lus'ciousness *n.* (לאש'-אס-נעס) שטארקע זיסקייט; פריקרע זיסקייט.

lush *a., n. and v.* (לאש) זאפטיג; ביער, א פערשכור'ענדע משקה; טרינקען, שכור'ען.

lush'y *a.* (לאש'-אי) שכור'לעך, בגלופינ'דיג.

lu'sory *a.* (ליו'-סא-רי) שפאסיג; שפיעלינג; אמוזירענד.

lust *n. and v.* (לאסט) לוסט, תאוה; געשלעכטליכע תאוה; געלוסטען, האבען תאוה; בעגעהרען.

lust'-di'eted *a.* (לאסט'-דאי'-עט-עד) וואס לעבט לויט זיינע תאוות.

lus'ter *n. and v.* (לאס'-טער) א בעל-תאוה; א גלאנץ; דאס גלענצען; ליסטער [אזא גלאנציגער, דינער שטאף פון האלב וואל, האלב זייד]; א לוסטרע [א קרוין-לייכטער אדער וואנד-לייכטער]; א רייניגונגס-אפפער וואס פלעגט געבראכט ווערען אין אלטען רוים פאר'ן פאלק אלע 5 יאהר; א משך פון 5 יאהר; מאכען א גלאנץ.

lus'tered *a.* (לאס'-טערד) וואס האט א גלאנץ.

lus'tering *n.* (לאס'-טער-אינג) דאס מאכען א גלאנץ אויף שטאף; א פוץ-מאטעריאל צו מאכען א גלאנץ.

lus'terless *a.* (לאס'-טער-לעס) אהן א גלאנץ.

lus'ter-ware *n.* (לאס'-טער-הוועהר) שטיין-גוט אדער פארצעליי מיט א מעטאל-גלאנץ.

lust'ful *a.* (לאסט'-פול) תאוה'דיג, פול מיט תאוה.

lust'fully *adv.* (לאסט'-פול-אי) אויף א תאוה'דיגען אופן.

lust'fulness *n.* (לאסט'-פול-נעס) תאוה'דיגקייט, דאס זיין פול מיט תאוה.

lus'tihood *n.* (לאס'-טי-הוד) לעבענס-קראפט; דאס זיין פול מיט לעבענס-קראפט.

lus'tily *adv.* (לאס'-טי-לי) קרעפטיג, שטארק, געזונד.

lus'tiness *n.* (לאס'-טי-נעס) קרעפטיגקייט; דאס זיין קרעפטיג, דאס זיין פול מיט לעבענסקראפט.

lus'tral *a.* (לאס'-טרעל) וואס רייניגט, וואס הייליגט, וואס איז מטהר.

lus'trate *v.* (לאס'-טרייט) רייניגען, הייליגען, מטהר זיין.

lustra'tion *n.* (לאס-טריי'-שאן) די רייניגונג, די הייליגונג, דאס מטהר זיין [בעזאנדערס אלס רעליגיעזע צערעמאניע, ווי ברייגגען רייניגונגס-קרבנות אדער בענוצען הייליגעס וואסער א. ד. ג.].

lus'tre *n. and v.* (לאס'-טער) א לוסטרע [א קרוין-לייכטער אדער וואנד-לייכטער]; ליסטער [אזא גלאנציגער שטאף פון האלב וואל האלב זייד]: א רייניגונגס-אפפער וואס פלעגט געבראכט ווערען אין אלטען רוים פאר'ן פאלק אלע 5 יאהר: א משך פון 5 יאהר; מאכען א גלאנץ.

lus'treless *a.* (לאס'-טער-לעס) ז. ***lusterless***.

lus'trical *a.* (לאס'-טרי-קעל) רייניגענד, מטהר זייענדיג; וואס איז שייך צו דער רייניגונג דורך א קרבן [אין אלטען רוים].

lus'trine *n.* (לאס'-טרין) ז. ***lustring***.

lus'tring *n.* (לאס'-טרינג) לוסטרין [אזא גלאנציגער זיידען אדער וואלען-שטאף].

lus'trous *a.* (לאס'-טראס) גלענצענד, שטראהלענד, שיינענד.

lus'trously *adv.* (לאס'-טראס-לי) אויף א גלענצענדען אופן; מיט גלאנץ.

lus'trum *n.* (לאס'-טראם) א רייניגונג [בעזאנדערס די צערעמאניעלע רייניגונג פון רוימישען פאלק אין אלטען רוים יעדע 5 יאהר]; א פעריאדע פון 5 יאהר.

lust'-wear'ied *a.* (לאסט'-הוויער'-איד) מיעד פון לוסטיגען און תאוה'דיגען לעבען.

lust'wort *n.* (לאסט'-הווארט) דער זונענטוי [אזא פלאנצע וואס ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען].

lus'ty *a.* (לאס'-טי) קרעפטיג, שטארק, געזונד, לעבענספול, פריש, זאפטיג, לעבענסלוסטיג; רייצענד, שעהן, אנציהענד; גרויס, דיק; בעלייבט.

lu'sus natu'ræ (ליו'-סאס נע-טיו'-ריע) א נאטור-פערזעהעניש; א נאטור-שפיעל [אן אונגארמאלע נאטור-בעשעפעניש].

lu'tanist *n.* (ליו'-טע-ניסט) איינער וואס שפיעלט אויף א לאוטע אדער לוטנע.

lute ז.

luta'rious *a.* (לו-טיי'-רי-אס) וואס לעבט איז בלאטע: בלאטיג, ווי בלאטע; וואס האט א בלאטיגען קאליר.

luta'tion *n.* (לו-טיי'-שאן) דאס פערקיטען, דאס פערשמיערען מיט קיט.

Lute

lute *n. and v.* (לוט) א זארט קיט וואס ווערט בענוצט פאר גלאז, פארצעליי א. ד. ג.; א לאוטע אדער לוטנע [אזא מיטעלאלטערליכער מוזיקאלישער אינסטרומענט, וואס איז עהנליך צו א באלאלאיקע]; שפיעלען אויף א לאוטע; פערשמיערען אדער פערקלעפען מיט קיט.

lute'olous *a.* (לו-טי'-א-לאס) געלבליך.

lu'teous *a.* (לו'-טי-אס) גאלד-געלב, רויטליך געלב; ווי ליים, קליי אדער קיט.

lutes'cent *a.* (לו-טעס'-ענט) געלבליך.

lute'string *n.* (לוט'-סטרינג) א סטרונע פון א לאוטע אדער לוטנע [ז. ***lute***]; לוסטרין [אזא גלאנצינער זיידען-שטאף].

Lu'theran *a. and n.* (ליו'-טהער-ען) לוטהעראניש, וואס איז שייך צו די לוטהעראנער; וואס געהערט צו דער לעהרע פון דעם דייטשען רעליגיאנס-רעפארמאטאר מארטין לוטהער [געבארען אין יאהר 1483, געשטארבען אין 1546], וועלכער איז ארויסגעטרעטען געגען דער הערשאפט פון רוימישען פאפסט און געגען פיעלע דאגמען פון דער רוימיש-קאטוילישער קירך; א לוטהעראנער, איינער וואס נעהמט נאך לוטהער'ס לעהרע.

Lu'theranism *n.* (ליו'-טהער-ען-איזם) לוטהעראניזם, די לעהרע פון מארטין לוטהער.

lu'thern *n.* (לו'-טהערן) א דאך-פענסטער.

lu'ting *n.* (ליו'-טינג) קיט, א פערשמיער-מיטעל.

lu'tist *n.* (ליו'-טיסט) ז. ***lutanist***.

lu'tose *a.* (ליו'-טאוס) בלאטיג, שמוציג, שטויביג.

lux *n.* (לאקס) עלעגאנץ, פראכט, עקסטרא-פיינע קוואליטעט; ליכט.

lux'ate *v.* (לאק'-סייט) אויסלינקען [א גליעד].

luxa'tion *n.* (לאק-סיי'-שאן) דאס

אויסלינקען [פון א גליעד]; די אויסלינקונג; דאס זיין אויסגעלינקט.

luxu'riance *n.* (לאַג-זשו'-רי-ענס) שפע, איבערפלוס; א שטארקער גרויסער וואוקס; א זעהר גרויסע צאהל.

luxu'riancy *n.* (לאַג-זשו'-רי-ען-סי) ז. *luxuriance*

luxu'riant *a.* (לאַג-זשו'-רי-ענט) וואס וואקסט אין איבערפלוס; זעהר פיעל, זעהר גרויס און שטארק אין וואוקס; זעהר גרויס אין צאהל.

luxu'riantly *adv.* (לאַג-זשו'-רי-ענט-לי) אין גרויס איבערפלוס; מיט א גרויסען, שטארקען וואוקס; זעהר פיעל; בשפע.

luxu'riate *v.* (לאַג-זשו'-רי-אייט) זיך גרויס און שטארק פאנאנדערוואקסען; וואקסען אין איבערפלוס; פיטערען זיך אין רייכע פעלדער; הולטאיעווען אויף'ן גרויסען שטייגער.

luxuria'tion *n.* (לאַג-זשו-רי-איי'-שאַן) דאס וואקסען אין איבערפלוס, בשפע; דאס לעבען אויף'ן גרויסען שטייגער.

luxu'rious *a.* (לאַג-זשו'-רי-אַס) זעהר רייך, פערשווענדעריש; וואס לעבט אין לוקסוס.

luxu'riously *adv.* (לאַג-זשו'-רי-אַס-לי) אין לוקסוס; פערשווענדעריש רייך.

luxu'riousness *n.* (לאַג-זשו'-רי-אַס-נעס) לוקסוס; פערשווענדערישע רייכקייט; דאס פערשווענדערישע רייכע לעבען.

lux'ury *n.* (לאַק'-שו-רי) לוקסוס; פערשווענדערישע רייכקייט; דאס פערשווענדערישע רייכע לעבען.

lycan'thrope *n.* (לאַי-קען'-טהראופ) אין די פאלקס-אבערגלויבונגען — א מענש וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין א וואלף; איינער וואס ליידעט פון ליקאנטראפיע [אזא משוגעת, ווען דער מענש דענקט אז ער איז א וואלף].

lycanthro'pia *n.* (לאַי-קען-טהראו'-פי-א) ז. *lycanthropy*

lycanthrop'ic *a.* (לאַי-קען-טהראפ'-איק) וואס איז שייך צו ליקאנטראפיע אדער צו דער כלומר'שדיגער מעגליכקייט פון א מענשען צו פערוואנדלען זיך אין א וואלף.

lycan'thropist *n.* (לאַי-קען'-טהרא-פיסט) ז. *lycanthrope*

lycan'thropy *n.* (לאַי-קען'-טהרא-פי) די אבערגלויבישע פארשטעלונג, אז איינער קען האבען די מאכט צו פערוואנדלען זיך אין א וואלף; דאס גלויבען אז עס קענען זיין מענשען וואס פערוואנדלען זיך אין וועלף; ליקאנטראפיע, א גייסטיגע קראנקהייט, ווען דער מענש שטעלט זיך פאר, אז ער איז א וואלף.

lyce'um *n.* (לאַי-סי'-אַם) א ליצעאום, אן אקאדעמיע, א לעהר-אנשטאלט, א שטודיר-ארט, אן ארט וואו מען גיט לעקציעס.

Lyce'um *n.* (לאַי-סי'-אַם) אין אלטערטום — דער ליצעאום [אן ארט נעבען דער אלט-גריכישער שטאדט אטהען מיט וועלדלעך און א גימנאזיום, וואו דער פילאזאף אריסטאטעל האט געלערענט זיינע תלמידים]; די פעריפאטעטישע פילאזאפישע שולע [די לעהרען פון אריסטאטעל'ס תלמידים און נאכפאלגער].

Lych'nis *n.* (ליק'-ניס) ליכט-נעגעלעך [א מין גראזען מיט געלבע בליטהען און פעדער-פערמיגע בלעטלעך. ווערען געברויכט אין מעדיצין].

lych'nis *n.* (ליק'-ניס) א רוביז אדער סאפיר [א מין רויטער אדער בלויער עדעלשטיין].

Lyc'ium *n.* (ליס'-אי-אַם) דער באקסדארן [א מין שטעכיגע קוסטעס מיט קליינע בלעטלעך, ווייסע אדער רויטע בלומען און מיט רויטע יאגדעס. געפינען זיך אין די הייסע און ווארימע לענדער].

Lycoper'don *n.* (לאַי-קא-פויר'-דאן) דער באוויסט [א מין שוועמעלעך, וואס האבען די פארם פון א קאלפאק, און ווען זיי עפענען זיך, שיט זיך אויס א מין שווארצער אדער ברוינער פולווער].

Lycopo'dium *n.* (לאַי-קא-פאו'-די-אַם) בערלאפ אדער ליקאפאדיום [א מין מאך-ארטיגע גראזען, ביי וועלכע די שטענגלעך ציהען זיך איבער דער ערד, איבער א וואנד אדער איבער דעם שטאם פון א בוים. די ספארען פון דיעזע גראזען ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Lycopodium

lycopo'dium pow'der (לאַי-קא-פאו'-די-אַם פאו'-דער) העקסען-מעהל [א זעהר דינער געלבליכער פולווער, וואס בעקומט זיך פון די ספארען פון בערלאפ אדער ליקאפאדיום-פלאנצען. דער פולווער פלאקערט אויף זעהר לייכט מיט זעהר א העלער שיין און ווערט בענוצט אין פייערווערק. ווערט אויך בענוצט אין מעדיצין און פון אפטייקערס אלס דאס מעהל אין וועלכען מען האלט פילען]. ז. *Lycopodium*

lydd'ite *n.* (ליד'-איט) לידיט [א מין שטארקער אויפרייסענדער שטאף].

lye *n.* (לאַי) לויג, די פליסיגקייט וואס בעקומט זיך פון דורכזייערען ווארים וואסער דורך אש אדער דורך אן אנדער זאך, וואס ענטהאלט אין זיך לויג-שטאף אדער אלקאלי.

ly'ing *a. and n.* (לאַי'-אינג) ליגענהאפט, פאלש; ליגען, דאס ליגען-זאגען; שקר, פאלשקייט; ליגענד, וואס ליגט, וואס איז אויסגעצויגען.

ly'ing-down' *n.* (לאַי'-אינג-דאון') דאס ליגען אין קינפעט.

ly'ing-in *n. and a.* (לאַי'-אינג-אין) דאס ליגען אין קינפעט; קינפעט; וואס איז שייך צו קינפעט; וואס ליגט אין קינפעט.

ly'ing-in hos'pital (לאַי'-אינג-אין האס'-פי-טעל) א האספיטאל פאר קינפעטארינס.

ly'ing-in physi'cian (לאַי'-אינג-אין פי-זיש'-ען) אן אקושער.

ly'ing-in wom'an (לאַי'-אינג-אין וואומ'-ען) א וועכנערין, א ווערטערין [ביי א קינפעטארין].

ly'ingly *adv.* (לאַי'-אינג-לי) זאגענדיג ליגען.

lymph *n.* (לימף) די לימפע אדער בלוט-וואסער [א וואסער-ארטיגע פליסיגקייט מיט א מילך-קאליר, וואס פליסט אין די דינסטע לימפאטישע אדערען פון קערפער].

lym'phate *a.* (לימ'-פייט) משוגע, אויפגערייצט, וויטהענד.

lym'phated *a.* (לימ'-פיי-טעד) ז. *lymphate*

lymphat'ic *a. and n.* (לימ-פעט'-איק) לימפאטיש, בלוט-וואסעריג, וואס געהערט צו דער לימפע אדער בלוט-וואסער; פלעגמאטיש, לאנגזאם אין בעוועגונג; מיט ווענינ לעבען; די לימף-געפעס אין קערפער. ז. *lymph*

lymphat'ic duct (לימ-פעט'-איק דאקט) די לימף-געפעס אין קערפער [די געפעסען אדער אדערען, וועלכע דיענען אלס פיהרער פון בלוט, לימף און אנדערע פליסיגקייטען אין קערפער].

lymphat'ic gan'glion (לימ-פעט'-איק גענ'-גלי-אן) ז. *lymphatic gland*

lymphat'ic gland (לימ-פעט'-איק גלענד) די לימף-דריזע [דער ארגאן אין קערפער, וואו עס קלייבט זיך אן לימף אדער וואסער-בלוט און פון דארטען פליסט עס איבער די לימף-געפעס].

lymphat'ic sys'tem (לימ-פעט'-איק סיס'-טעם) די לימף-סיסטעם [די גאנצע סיסטעם פון די לימף-געפעס און לימף-דריזען אין קערפער].

lymphat'ic tem'perament (לימ-פעט'-איק טעמ'-פער-ע-מענט) א פלעגמאטישער טעמפעראמענט [א טעמפעראמענט פון א קאלטען, גלייכגילטיגען מענשען].

lymphat'ic ves'sel (לימ-פעט'-איק וועס'-על) ז. *lymphatic duct*

lymph'-duct *n.* (לימפ'-דאקט) ז *lymphatic duct*

lymphog'raphy *n.* (לימ-פאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון לימפע אדער בלוט-וואסער, איהר פליסונג איבער די לימף-געפעס און איהר בעדייטונג פאר'ן ארגאניזם.

lymph'-ves'sel *n.* (לימפ'-וועס'-על) ז. *lymphatic duct*

lym'phy *a.* (לימ'-פי) לימפארטיג, ענהליך צו בלוט-וואסער. ז. *lymph*

lynch *v.* (לינטש) לינטשען, פעראורטיילען און הינריכטען אהן א געריכט.

lynch'-law *n.* (לינטש'-לאה) דאס לינטשען; די פעראורטיילונג און הינריכטונג אהן א געריכט; די בעשטראפונג מיט'ן טויט אהן געריכט.

lynx *n.* (לינקס) דער לוקס [א מין גרויסע ווילדע קאץ מיט באקענבארדען און מיט א קורצען דיקען עק. צייכענט זיך אויס מיט איהר פלינקקייט און שארפזיכטיגקייט].

Lynx

lynx'-eyed *a.* (לינקס'-איד) וואס האט א שארפע ראיה; זעהר שארפזיכטיג.

lyonnaise' *a.* (לי-א-נייז') געקאכט אדער געבראטען מיט ציבעלעס און פערשיעדענע געווירצען.

Ly'ra *n.* (לאַי'-רא) די לירע [א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען אין דער נארדליכער העמיספער אדער האלב-קוגעל].

ly'ra *n.* (לאַי'-רא) אין אנאטאמיע — געוויסע שטריכען אויף דעם הינטערטייל פון מארך אין דער פארם פון א לירע; אין זאאלאגיע — א מין פיש, ביי וועלכען דער רוקען איז בעדעקט מיט אכט ציילען ביי-

ניגע פלאטען. געפינט זיך אין די אייראַ־פעאישע ימים].

ly'rate *a.* (לאַי'-רייט) עהנליך צו א לירע; וואס האט די פארם פון א לירע.

ly'rated *a.* (לאַי'-ריי-טעד) ז. *lyrate*

lyre *n.* (לאַיר) א לירע [א מוזיקאַלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, וואס איז געווען פיעל געברויכט אין אלטערטום. די פאעטען פון גריכענלאנד פלעגען דע־קלאמירען זייערע געדיכטע אונטער דעם אקאמפאנימענט פון א לירע, און דעריבער איז די לירע געווארען די עמבלעם פון פאעזיע].



Lyres

lyre'-bird *n.* (לאַיר'-בוירד) דער לירע־פויגעל, א מין אויסטראלישער פויגעל, גרויס ווי א הוהן, מיט אן עק אין דער פארם פון א לירע.

Lyre-bird

lyre'-pheas'ant *n.* (לאַיר'-פעז'-ענט) ז. *lyre-bird*

lyre'tail *n.* (לאַיר'-טייל) ז. *lyre-bird*

lyr'ic *a. and n.* (ליר'-איק) וואס איז שייך צו דער לירע; וואס איז פער־פאסט צו זינגען מיט אן אקאמפאנימענט; ליריש, ליעדעריש; א ליריש געדיכט. ז. *lyre*

lyr'ical *a.* (ליר'-אי-קעל) ליריש. ז. *lyric*

lyr'ically *adv.* (ליר'-אי-קעל-אי) אויף א לירישען שטייגער; מעשה ליריקער.

lyr'icism *n.* (ליר'-אי-סיזם) די ליריק, לירישע דיכטונג.

lyr'ic po'etry (ליר'-איק פאו'-עט-רי) לירישע פאעזיע [אזא ארט פאעטישע דיכטונג, וואו דער פאעט שילדערט זיינע איינענע איבערלעבונגען, געפיהלען און ליידענשאפטען. אין געגענזאץ צו עפישער און דראמאטישער פאעזיע].

lyr'ist *n.* (לאַיר'-איסט) איינער וואס שפיעלט אויף א לירע; א לירישער דיכ־טער.

lysim'eter *n.* (לאַי-סים'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די מאסע פון רעגען־וואסער, וואס ווערט איינגעזאפט אין באדען אויף א געוויסער טיעף.

ly'sis *n.* (לאַי'-סיס) אין מעדיצין — דאס לאנגזאמע אויפהערען פון א קראנקהייט [אין געגענזאץ צו א "קריזיס", וואו די קראנקהייט ווערט איבערגעהאקט מיט אמאל].

lys'sa *n.* (ליס'-א) די משוגעת פון א הונד; הידראפאביע. ז. *hydrophobia*

lyte'rian *a.* (לאַי-טי'-רי-ען) אין מעדי־צין — ליטעריש, וואס ווייזט, אז די קראנקהייט ענדיגט זיך.

M

M, m (עם) דער דרייצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

M' אבקירצונג פון *Mac.*

M. A. ראשי תבות פון די ווערטער *Master of Arts* [מאגיסטער פון די פרייע קינסטע, אן אקאדעמישער טיטול].

ma *n.* (מא) מאמע, מוטער.

ma'am *n.* (מעם) פערקירצונג פון *madam* [מאדאם].

ma'am'-school *n.* (מעמ'-סקוהל) א שוהל געפיהרט פון א פרוי.

ma'amselle' *n.* (מאם-זעל') פריילין [די ענגלישע פארם פון דעם פראנצויזי־שען ווארט *mademoiselle*].

Mab *n.* (מעב) א פעען־קעניגין.

mab *n. and v.* (מעב) אן אבגעלאזענער, א שלומפער; געהן אבגעלאזען; געהן מעשה שלומפער.

mab'by *n.* (מעב'-אי) א מין קארטאפעל־שנאפס.

Mac. (מעק) א צוזאץ צו שאטלענדישע און אירלענדישע נעמען פון פערזאנען [בעדייטעט זוהן].

maca'co *n.* (מע-קיי'-קאו) א לעמור [ז. *Lemur*]; א מין מאלפע [ז. *macaque*].

macad'am *n.* (מעק-עד'-עם) ברוק, שאסע; ברוק־שטיינער, שאסע־שטיינער, צושלאגענע שטיינער [נאך דעם נאמען פון דעם שאטלענדישען אינזשינער מעק־אדאם].

macadamisa'tion *n.* (מעק-עד-עמ-אי-זיי'-שאן) ז. *macadamization*

macad'amise *v.* (מעק-עד'-עמ-איז) ז. *macadamize*

macad'amiser *n.* (מעק-עד'-עמ-אי-זער) ז. *macadamizer*

macadamiza'tion *n.* (מעק-עד-עמ-אי-זיי'-שאן) דאס ברוקירען מיט קליינע שטיינדלעך.

macad'amize *v.* (מעק-עד'-עמ-איז) ברוקירען מיט קליינע שטיינדלעך [נאך דער מעטאדע פון דעם שאטלענדישען אינזשינער מעק־אדאם].

macad'amizer *n.* (מעק-עד'-עמ-אי-זער) א ברוקירער. ז. *macadamize*

maca'o *n.* (מע-קא'-א) ז. *macaw*

macaque' *n.* (מע-קעק') א מין מאלפע.

mac'arism *n.* (מעק'-ע-ריזם) א גליק־זעלינקייט, א גליקזעליגקייטס־ברכה. ז. *beatitude*

mac'arize *v.* (מעק'-ע-ראיז) בענשען, ווינשען גליק, גראטולירען.

macaro'ni *n. and a.* (מעק-ע-ראו'-ני) מאקאראנען [לאקשען]; עטוואס וואס ווארפט זיך שטארק אין די אויגען; א פראנט; א מין פינגווין [אזא פויגעל]; אין צייט פון בירגער־קריעג אין די פער־איינינגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן ארמעע־אבטיילונג אין שטאאט מערילענד, וואס האט געטראגען א זעהר שעהנעם אוי־ניפארם; פראנטיש.

macaro'nian *a. and n.* (מעק-ע-ראו'-ני-ען) ז. *macaronic*

macaron'ic *a. and n.* (מעק-ע-ראנ'-איק) וואס איז שייך צו מאקאראנען, גע־מאכט פון מאקאראנען; מאקאראניש [וועגען א שפאסיגען געדיכט, וואו עס ווערען געברויכט אין א ווילדען מישמאש פרעמדע ווערטער און פארמען]; א מא־קאראנישעס געדיכט; א מישמאש.

macaroon' *n.* (מעק-ע-רוהן') מאקארא־נע, מאנדעל־געבעקס.

Macart'ney cock (מע-קארט'-ני קאק) דער פייער־פאזאן פון די מאלאאישע אינזלען [א גרויסער פויגעל מיט א בלוי־רויטליכער הויט פון ביידע זייטען פון קאפ און מיט א קאם אדער קריינדעל פון הויך־שטארצענדע פעדערען].

Macartney Cock

Macart'ney pheas'ant (מע-קארט'-ני פעז'-ענט) דער פייער־פאזאן פון די מאלאאישע אינזלען. ז. *Macartney cock*

Macas'sar *a. and n.* (מע-קעס'-ער) וואס איז שייך צום דיסטריקט מאקאסאר [אויף דעם אינזעל סעלעבעס]; מאקא־סאר־אויל [אזא האר־אויל].

Macas'sar oil (מע-קעס'-ער איל) מא־קאסאר־אויל. ז. *Macassar*

macaw' *n.* (מע-קאה') די ארא אדער דער אמעריקאנישער פאפוגאי [א גרוי־סער פאפוגאי מיט א לאנגען עק, האלט

זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

Macaw

macaw'-palm *n.* (מע־קאה'־פאהם) ז. *macaw-tree*

macaw'-tree *n.* (מע־קאה'־טריע) די מאקאזובא=פאלמע [אזא זיד=אמעריקאנישע פאלמע].

Maccabe'an *a.* (מעק־ע־בי'־ען) וואס איז שייך צו די מאקאבעער אדער חשמונאים; מאקאבעאיש.

Mac'cabees *n.* (מעק'־ע־ביעז) די ספרי החשמונאים.

maccaro'ni *n. and a.* (מעק־ע־ראו'־ני) ז. *macaroni*

Macchiavel'lian *a. and n.* (מעק־אי־ע־וועל'־אי־ען) ז. *Machiavellian*

mac'coboy *n.* (מעק'־א־באי) מאקובא [אזא שמעק=טאבאק].

mac'couba *n.* (מעק'־או־בא) ז. *maccoboy*

mace *n. and v.* (מיים) א דובינע, א בולאווע; א שטאב; א סצעפטער, א הערשער=שטאק; אזא ביליארד=שטעקען; מוסקאטען=נעווירץ [פון דער זוימען=שאלעכץ פון מוסקאט=ניס].

Mace

mace'-ale *n.* (מיים'־אייל) געווירצטעס ביער [הויפטזעכליך מיט מוסקאט=געווירץ].

mace'-bear'er *n.* (מיים'־בעהר'־ער) דער סצעפטער=טרעגער, דער טרעגער פון הערשער=רוט, א בולאווע=טרעגער.

ma'cer *n.* (מיי'־סער) א סצעפטער=טרעגער, א בולאווע=טרעגער; א געריכטס=בעאמטער אין שאטלאנד [וואס רופט אויס נעמען, האלט ארדנונג, מאכט ארעסטען א. ז. וו.].

mac'erate *v.* (מעס'־ע־רייט) ווייך מאכען דורך ווייקען; אויסווייקען; אבשוואכען; אבמאגערען.

macera'tion *n.* (מעס־ע־ריי'־שאן) דאס ווייך מאכען דורך ווייקען; אויסווייקונג; אבשוואכונג; אבמאגערונג.

mac'erator *n.* (מעס'־ע־ריי־טאר) א כלי צום ווייקען עפעס.

mace'-reed *n.* (מיים'־ריעד) די וואסער=קאלבע [אזא פלאנצע]. ז. *reed-mace*

mache'te *n.* (מע־טשיי'־טיי) אזא לאנג שפאניש מעסער.

machette' *n.* (מע־טשיי־טיי') ז. *machete*

Machiavel'lian *a. and n.* (מעק־אי־ע־וועל'־אי־ען) וואס איז שייך צום איטאליענישען שטאאטסמאן מאקיאוועלי און זיינע פאליטישע פרינציפען; מאקיאוועליש; כיטרע, פאליטיש אונעהרליך; אן אנהענגער פון מאקיאוועלי'ס פרינציפען אין פאליטיק; א כיטרער, אונעהרליכער פאליטיקער. ז. *Machiavellianism*

Machiavel'lianism *n.* (מעק־אי־ע־וועל'־אי־ען־איזם) מאקיאוועליזם, די פאליטישע פרינציפען פון דעם איטאליענישען שטאאטסמאן מאקיאוועלי [געבארען 1469, געשטארבען 1527], וועלכער האט געהאלטען, אז אלע אונעהרליכע מיטלען זיינען ערלויבט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אנהאלטען די מאכט פון דעם הערשער איבער זיינע אונטערטהאנען; פאליטישע כיטרעקייט, פאליטישע אונעהרליכקייט.

Machiavel'lic *a.* (מעק־אי־ע־וועל'־איק) מאקיאוועליש. ז. *Machiavellianism*

Machiavel'lism *n.* (מעק־אי־ע־וועל'־איזם) ז. *Machiavellianism*

machicola'tion *n.* (מע־טשיק־א־ליי'־שאן) אן עפנונג אין די פארצייטיגע פעסטונגען, דורך וועלכער מען פלעגט שיסען אויף'ן שונא אדער איהם בעגיסען מיט זודיגע שטאפען; פערטיידיגונג דורך אזא עפנונג.

mach'inal *a.* (מעק'־אי־נעל) וואס איז שייך צו מאשינען; מאשינמעסיג.

mach'inate *v.* (מעק'־אי־נייט) פראיעקטירען, פלאנעווען; פלאנעווען שלעכטס, מאכען א פערשווערונג.

machina'tion *n.* (מעק־אי־ניי'־שאן) א מאכינאציע, דאס מאכען מאכינאציעס, פראיעקטירען אדער פלאנעווען הינטען ארום; א פערשווערונג.

mach'inator *n.* (מעק'־אי־ניי־טאר) א פראיעקטען=מאכער, א פלאנען=מאכער; א פערשווערער.

machine' *n. and v.* (מע־שין') א מאשין; א מעכאניזם; א פייער=לעש=מאשין; א וואגען, א וועלאסיפעד, אן אויטאמאביל; א פארריכטונג צו שאפען פערשידענע ביהנע=עפעקטען [אין דעם פארצייטיגען גריכישען און רוימישען טעאטער]; א פאסירונג [הויפטזעכליך אן איבערנאטירליכע] אין א ליטעראַרישען ווערק; אן ארבייטס=סיסטעם פון אן ארגאניזאציאן; א פאליטישע מאשין [א שטרענגע ארגאניזאציאן פון פארטיי=מיטגליעדער, וואס ערמעגליכט די פיהרער דורך אויסטיילען עמטער און אנדערע עהנליכע מיטלען צו האבען די פאלשטענדיגע קאנטראל איבער דער פארטיי; די פארטיי=קליקע, וואס האלט אויף אזא אופן די פארטיי אין איהרע הענד]; אן אויטאמאט; געברויכען מאשינעריע; מאכען מיט דער הילף פון א מאשין; ארבייטען אויף א מאשין אדער ביי א מאשין; דיענען אלס פאסירונג אין א דראמא; געברויכען איבערנאטירליכע פאסירונגען אין א ליטעראַרישען ווערק.

machine'-gun *n.* (מע־שינ'־גאן) א מאשין=געוועהר [א הארמאט וואס שיסט אונאויפהערליך מיט דער הילף פון א ספעציעלען מעכאניזם].

machine'-made *a.* (מע־שינ'־מייד) מאשינאַווע, געמאכט מיט א מאשין.

machine'-man *n.* (מע־שינ'־מען) אן ארבייטער ביי א דרוק=מאשין.

machine' man (מע־שין' מען) איינער וואס בעלאנגט צו א פאליטישער מאשין; א בלינדער אנהענגער פון א פאליטישער מאשין. ז. *machine*

machine'-ru'ler *n.* (מע־שינ'־רוה'־לער) א מאשין צו ליניר̈ען [ווירען] פאפיער; א מאשין צו מאכען די איינטיילונגען אויף וואג=שאלען.

machi'nery *n.* (מע־שי'־נע־רי) מאשינעריע; מאשינען [קאלעקטיוו]; א קאמפליצירטע ארבייטס=סיסטעם [פון א רעגירונג, געזעלשאפט א. ז. וו.]; פאסירונגען [הויפטזעכליך איבערנאטירליכע] אין ליטעראַרישע ווערק.

machine'-shop *n.* (מע־שינ'־שאפ) א מאשינען=פאבריק [וואו מען מאכט מאשינען אדער טיילען פון מאשינען].

machine'-tool *n.* (מע־שינ'־טוהל) מאשין=געצייג [א מאשין וואס האט פערנומען דעם פלאץ פון א האנד=געצייג].

machine'-work *n.* (מע־שינ'־הוואירק) מאשין=ארבייט; פראדוקטען פון מאשין=ארבייט.

machi'nist *n.* (מע־שי'־ניסט) א מאשיניסט, איינער וואס מאכט מאשינען.

machiniza'tion *n.* (מע־שי־ני־זיי'־שאן) דאס אויסארבייטען אדער ברייננגען אין ארדנונג [ווי מאשינעריע אדער מיט דער הילף פון מאשינעריע]; אויסארבייטונג, סיסטעמאטיזירונג.

machi'nize *v.* (מע־שי'־נאיז) ברייננגען אין ארדנונג; אויסארבייטען; סיסטעמאטיזירען.

mac'intosh *n.* (מעק'־אינ־טאש) ז. *mackintosh*

Mc'Intosh ap'ple (מעק'־אינ־טאש עפל) אזא רויטער עפעל. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

mack'erel *n. and v.* (מעק'־ע־רעל) די מאקרעל [א זעהר ווערטהפאלער שפייז=פיש]; פאנגען מאקרעלען.



Mackerel

mack'erel-back sky (מעק'־ע־רעל־בעק סקאי) ז. *mackerel-sky*

mack'ereler *n.* (מעק'־ע־רעל־ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט מאקארעלען=פאנג; א שיף בענוצט פאר מאקארעלען=פאנג.

mack'ereller *n.* (מעק'־ע־רעל־ער) ז. *mackereler*

mack'erel-mint *n.* (מעק'־ע־רעל־מינט) די גרינע מינצע [א פלאנצע וואס גיט ארויס א שמעקעדיגע שארפע זאפט]: ז. *spearmint*

mack'erel-scales *n.* (מעק'־ע־רעל־סקיילז) גרופען לענגליכע פוכיגע וואלקענדלעך.

mack'erel-sky *n.* (מעק'־ע־רעל־סקאי) א הימעל בעצויגען מיט גרופען לענגליכע פוכיגע וואלקענדלעך.

mack'intosh *n.* (מעק'־אינ־טאש) א מאקינטאש, רעגען=מאנטעל; מאקינטאש=צייג.

mack'le *n. and v.* (מעקל) א פלעק; אין דרוקעריי — א דאפעל=דרוק [ווען אויף א פלאץ זעהט זיך א דאפעלטע דרוק צוליעב דעם וואס דאס פאפיער האט זיך א רוק געטהאן אדער צוליעב דעם וואס דאס פאפיער האט זיך פערבויגען]; פערפלעקען, פערשמירען; מאכען א פלעק [הויפטזעכליך אין דרוק=ארבייט — מאכען א דאפעל=דרוק].

mac'ouba *n.* (מעק'־או־בא) ז. *maccoboy*

macro'bian *n.* (מעק-ראו'-בי-ען) איי־נער וואס לעבט לאנג.
macrobio'sis *n.* (מעק-רא-באי-או'-סיס) א לאנג לעבען; לאנג־לעביגקייט.
macro'biote *n.* (מעק-ראו'-בי-אוט) איינער וואס לעבט לאנג; א מענש אדער חיה וואס לעבט לאנג.
macrobiot'ic *a.* (מעק-רא-באי-אט'-איק) וואס לעבט לאנג.
macrobiot'ics *n.* (מעק-רא-באי-אט'-איקס) די לעהרע ווענען לאנג לעבען; א שטודיום ווענען די אורזאכען פון לאנג לעבען אדער ווענען די מיטלען צו לעבען לאנג.
macroceph'alous *a.* (מעק-רא-סעפ'-ע-לאס) לאנג־קעפיג, גרויס־קעפיג.
macrococ'cus *n.* (מעק-רא-קאק'-אס) א מין באקטעריע.
mac'rocosm *n.* (מעק'-רא-קאזם) די גאנצע וועלט, דער וועלט־אל.
macrocos'mic *a.* (מעק-רא-קאז'-מיק) וואס איז שייך צום וועלט־אל [די גאנצע וועלט]; אונגעהייער גרויס.
macrodac'tyl *n. and a.* (מעק-רא-דעק'-טיל) א פויגעל מיט לאנגע פינגער; וואס האט לאנגע פינגער [הויפטזעכליך ווענען פויגעל].
macrodactyl'ic *a.* (מעק-רא-דעק-טיל'-איק) וואס האט לאנגע פינגער [ווע־גען פויגעל].
macrol'ogy *n.* (מע-קראל'-א-דזשי) א לאנגער, לאנגווייליגער געשפרעך; א לאנגע, אינהאלטלאזע רעדע; אן אויסגוס פון ווערטער, א ים מיט ווערטער אבער מיט ווייניג אינהאלט.
macrom'eter *n.* (מעק-ראם'-ע-טער) א מאקראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען אונצוגענגליכע הויכקייטען].
mac'ron *n.* (מעק'-ראן) דער שטריך [—] איבער א וואקאל, צו צייגען, אז ער איז לאנג.
macros'cian *a. and n.* (מעק-ראס'-אי-ען) וואס ווארפט א לאנגען שאטען [ווענען די איינוואהנער פון די פאלאר־לענדער]; איינער וואס ווארפט א לאנ־גען שאטען, אן איינוואהנער פון די פא־לאר־לענדער.
macroscop'ic *a.* (מעק-רא-סקאפ'-איק) וואס מען קען זעהן מיט'ן נאקעטען אויג [אהן פערגרעסערונגס־גלעזער].
macroscop'ical *a.* (מעק-רא-סקאפ'-אי-קעל) ז. ***macroscopic***
macroscop'ically *adv.* (מעק-רא-סקאפ'-אי-קעל-אי) מיט'ן נאקעטען אויג; אהן א פערגרעסערונגס־גלאז; אויבער־פלעכליך בעטראכטענדיג.
mac'rotone *n.* (מעק'-רא-טאון) ז. ***macron***
macro'tous *a.* (מעק-ראו'-טאס) לאנג־אויערדיג, מיט לאנגע אויערען.
macru'ran *n.* (מעק-רוה'-רען) א מין קרעבס מיט א לאנגען עק.
macru'rous *a.* (מעק-רוה'-ראס) לאנג־עקיג, מיט א לאנגען עק.
mac'ula *n.* (מעק'-יו-לא) א פלעק; א פלעק אויף דער הויט; א טונקעלער פלאץ אויף א שיינענדער פלעכע; א זונען־פלעק; א פלעק אויף דער לבנה.
mac'ular *a.* (מעק'-יו-לאר) געפלעקט.
mac'ulate *v. and a.* (מעק'-יו-לייט) בעפלעקען; בעשמוצען; געפלעקט; בע־פלעקט; בעשמוצט.
mac'ulated fe'ver (מעק'-יו-לייט-עד פי'-ווער) טיפוס.

macula'tion *n.* (מעק-יו-ליי'-שאן) געפלעקטקייט; בעפלעקונג, בעשמוצונג.
mac'ulatory *a.* (מעק'-יו-לע-טא-רי) בעפלעקענד, בעשמוצענד.
mac'ulature *n.* (מעק'-יו-ליי-טשור) אין דרוקעריי — א מאקולאטור [א פער־שמירטער אדער שלעכט־געדרוקטער בויגען]; לעש־פאפיער, קלעק־פאפיער.
mac'ule *n. and v.* (מעק'-יול) ז. ***mackle***
mac'ulose *a.* (מעק'-יו-לאוס) געפלעקט; בעפלעקט, בעשמוצט.
mac'ulous *a.* (מעק'-יו-לאס) געפלעקט.
mad *a.* (מעד) פערריקט, משוגע, ווילד; שטארק פערקאכט אין עפעס; ארויס פון די כלים, אויסער זיך.
mad'am *n. and v.* (מעד'-עם) מא־דאם; רופען אדער בעגריסען מיט'ן ווארט "מאדאם".
madame' *n.* (מע-דאם') מאדאם.
madapol'lam *n.* (מעד-ע-פאל'-עם) מאדאפאלאן [אזא באוועל־צייג].
mad'-ap'ple *n.* (מעד'-עפל) די אייער־פלאנצע. ז. ***egg-plant***
mad as a hat'ter (מעד עז ע העט'-ער) ווילד, משוגע, אויסער זיך פאר צארן.
mad'brain *a. and n.* (מעד'-ברעין) א היצקאפ; היצקעפיג.
mad'-brained *a.* (מעד'-ברעינד) הי־ציג, היצקעפיג.
mad'cap *n. and a.* (מעד'-קעפ) א צו־לאזענער יונג, א היצקאפ; צולאזען, ווילד, היצקעפיג.
mad'den *v.* (מעדן) ווערען ווילד, ווערען משוגע, ווערען אויסער זיך; מאכען ווילד, אויפרעגען ביז משוגעת, אריינ־ברענגען אין וויל־דען כעס.
mad'der *n. and v.* (מעד'-ער) קראפ [אזא מין פלאנצע וואס גיט ארויס א זעהר דויערהאפטע פארב, וואס ווערט געברויכט פאר ליי־ווענד און בוים־וואל]; די קראפ־פארב; פארבען מיט קראפ.

Madder

mad'derwort *n.* (מעד'-ער-וואירט) די קראפ־פלאנצע. ז. ***madder***
mad'ding *a. and n.* (מעד'-אינג) ווע־רענדיג ווילד אדער משוגע; האנדלענדיג ווילד אדער משוגע; ארויס פון די כלים, ווילד, וויטהענד; א משוגעת, א ווילדער, משוגע'נער אויפטהו.
mad'dingly *adv.* (מעד'-אינג-לי) אויף א ווילדען, משוגע'נעם שטייגער.
mad'dish *a.* (מעד'-איש) משוגע'וואטע.
mad'dle *v.* (מעדל) זיין ווילד אדער משוגע; ריידען פון היץ.
mad'-doc'tor *n.* (מעד'-דאק'-טאר) אן אליעניסט, א פסיכיאטר, א משוגעים־דאקטאר.
made *a.* (מייד) געמאכט; פאבריצירט; קינסטליך; צונויפגעשטעלט פון פערשיע־דענע טיילען; צוגעריכט [ווענען שפיי־זען]; פערזארגט; פערזיכערט [מיט ער־פאלג]; גוט געלערענט [ווי למשל, א הונד]. ז. ***make***
madefac'tion *n.* (מעד-אי-פעק'-שאן) בעפייכטונג, איינגעצונג.

mad'efy *v.* (מעד'-אי-פאי) בעפייכטען, בענעצען.
Madei'ra *n.* (מע-דיי'-רא) מאדיירא [א פארטוגעזישער אינזעל ביים נארד־וועסט ברעג פון אפריקא]; מאדיירא־וויין [פון אינזעל מאדיירא].
Madei'ran *a.* (מע-דיי'-רען) וואס איז שייך צום אינזעל מאדיירא, וואס קומט פון מאדיירא [אן אינזעל ביים נארד־וועסט ברעג פון אפריקא, בעלאנגט צו פארטוגאל].
Madei'ra-vine *n.* (מע-דיי'-רא-וואין) אזא קלעטערענדע פלאנצע מיט העל־גרי־נע בלעטער און מיט לאנגע בינטלעך קליי־נע שמעקעדיגע בלימעלעך.
made man (מייד מען) א פערזארגטער מענש, אן איינגעשטעלטער מענש, א מענש, וואס איז שוין זיכער מיט ער־פאלג.
A few more years of hard work and I shall be a made man.
made mast (מייד מעסט) א צוזאמענ־געזעצטער מאסט [א מאסט וואס איז צוזאמענגעזעצט פון מעהרערע טיילען].
mademoiselle' *n.* (מע-דע-מוא-זעל') מאדמואזעל, פרייליין.
made of flesh (מייד אוו פלעש) ניט מעהר ווי א זינדיגער מענש.
made to meas'ure (מייד טו מעזש'-אור) געמאכט נאך דער מאס; בעשטעלט.
This store is selling garments **made to measure.**
made up (מייד אפ) 1. שלום געווארען, זיך אויסגעגליכען; 2. קינסטליך, ניט נא־טירליך, כלומר'שטדיג, אויסגעטראכט; 3. פארטיג, סאנדעט [געמאכט ניט אויף בעשטעלונג]; 4. צוזאמענגעשטעלט; פער־פאלקאמט, פערפערטיגט, פערענדיגט; פאלשטענדיג, דורך און דורך.
1. The children quarreled in their play, but they **made up** very soon. 2. The story of the merchant's disappearance was only **made up** to fool his creditors. 3. The store sells only cheap **made up** goods.
mad'-head'ed *a.* (מעד'-העד'-עד) הי־ציג, היצקעפיג.
mad'house *n.* (מעד'-האוס) א משוגעים־הויז.
mad'id *a.* (מעד'-איד) נאס, פייכט.
mad'ly *adv.* (מעד'-לי) אויף א משוגע־נעם אדער ווילדען שטייגער; מיט משוגעת; אויסער זיך פאר כעס; שטארק פערקאכט.
mad'man *n.* (מעד'-מען) א משוגע'נער, א וואהנזיניגער, א ווילדער יונג.
mad'ness *n.* (מעד'-נעס) וואהנזין, משוגעת; גרימצארן, היציגקייט, היצקע־פיגקייט.
madon'a *n.* (מע-דאנ'-א) ז. ***madonna***
Madon'na *n.* (מע-דאנ'-א) די מאדא־נא, די הייליגע מאריע [קריסטוס'עס מו־טער]; א בילד פון דער הייליגער מאריע.
madon'na *n.* (מע-דאנ'-א) מאדאם [אין איטאליעניש].
Madon'na-wise *adv.* (מע-דאנ'-א-וואיז) אין דער מאדאנא־פארם [ווענען האר־פריזור וואס איז עהנליך צו דער פרי־זור פון דער הייליגער מאריע, ווי עס ווערט געוועהנליך פארגעשטעלט אויף די בילדער].
madras' *n.* (מע-דרעס') מאדראס [האלב־זיידענצייג]; א טיכעל פון מאד־ראס.
mad'reperl *n.* (מעד'-רע-פוירל) פערל־מוטער.
madrepo'ra *n.* (מעד-רי-פאו'-רא) ז. ***madrepore***
mad'repore *n.* (מעד'-רי-פאור) דער

מאדרעפאר, דער - שטערן־קאראל, דער שוואם־קאראל.

Madrepore

mad'rier *n.* (מעד'-רי-ער) אן אבדאך איבער פעסטונגס־ווערק; א באלקען אונ־טערצושפארען די ערד אין א מינע.

mad'rigal *n.* (מעד'-רי-געל) א מאדרי־גאל [אזא געדיכט, א פאסטוכער־ליעד, א ליעבעס־ליעד; אויך די מוזיק צו אזא ליעד].

madriga'lian *a.* (מעד-רי-גיי'-לי-ען) וואס איז שייך צו א מאדריגאל. ז. *madrigal*

mad'rigalist *n.* (מעד'-רי-געל-איסט) א פערפאסער אדער זינגער פון מאדריגא־לען. ז *madrigal*

mad'stone *n.* (מעד'-סטאון) א שטיין, וואס קען, לויט דעם פאלקס גלויבען [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמערי־קא], היילען אדער פערהיטען הידראפא־ביא [די קראנקהייט וואס קומט פון דעם ביס פון א משוגע'נעם הונד].

mad'wort *n.* (מעד'-הווארט) א מין זענעפט־פלאנצע. ז. *Alyssum*

Mael'strom *n.* (מייל'-סטראם) דער מאלשטראם [אזא קעסעל־גרוב אין ים ביים ברעג פון נארוועגען, וואו דאס וואַ־סער דרעהט זיך ווי א ווירבעל].

mael'strom *n.* (מייל'-סטראם) א קע־סעל־גרוב [אן ארט אין א טייך אדער ים וואו דאס וואסער דרעהט זיך, ווי א וויר־בעל]; א פערניכטענדע קראפט.

mæ'nad *n.* (מיע'-נעד) א מענאדע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א פריסטעריך פון דעם גאט באקכוס, דער גאט פון וויין און שכרות, וועלכע זינגט, טאנצט און הוליעט ווילד אין פרעהליכע שכור'ע געזעלשאפטען].

mænad'ic *a.* (מיע-נעד'-איק) ווי א מענאדע; ווילד, משוגע, וואקכאניש. ז. *mænad*

maesto'so *adv.* (מא-עס-טאו'-סא) אין מוזיק — מאיעסטעטיש, געהויבען.

maes'tro *n.* (מא-עס'-טרא) א קונסט־מייסטער, א מוזיק־קינסטלער.

maf'fia *n.* (מא'-פי-א) ז. *Mafia*

Maf'fia *n.* (מא'-פי-א) ז. *Mafia*

Ma'fia *n.* (מא'-פי-א) די מאפיא, א געוויסע געהיימע פערברעכערישע געזעל־שאפט אין סיציליען, איטאליען.

mag *v.* and *n.* (מעג) פלוי־פלאפלען, פלוידערן; פלאפלעריי, פלוידעריי.

magazine' *n.* (מעג-ע-זין') א מאגא־זין, א לאגער־הויז, א שפייכלער; א זשור־נאל, א פעריאדישע אויסגאבע וואס ענט־האלט א זאמלונג פון פערשיעדענע אר־טיקלען; א פולווער־קאמער.

magazin'er *n.* (מעג-ע-זינ'-ער) א שרייבער אין א זשורנאל.

magazine'-ri'fle *n.* (מעג-ע-זינ'-ראיפל) א מאגאזין־געוועהר [א ביקס, וועלכע קען אנגעלאדען ווערען מיט עטלי־כע קוילען מיט אמאל].

magazin'ist *n.* (מעג-ע-זינ'-איסט) ז. *magaziner*

mag'dalen *n.* (מעג'-דע-לען) א פראס־טיטוטקע וואס האט אנגעפאנגען פיהרען אן אנשטענדיג לעבען.

mag'dalen asy'lum (מעג'-דע-לען ע-סאי'-לאם) אן אנשטאלט אדער שפיטאל פאר געפאלענע פרויען, וועלכע ווילען אנ־פאנגען פיהרען אן אנשטענדיג לעבען.

mag'dalene *n.* (מעג'-דע-ליען) ז. *magdalen*

magdalene'um *n.* (מעג-דע-לי-ני'-אם) ז. *magdalen asylum*

mag'dalen hos'pital (מעג'-דע-לען האס'-פי-טעל) ז *magdalen asylum*

magda'leon *n.* (מעג-דיי'-לי-אן) א פיל אדער מעדיקאמענט בכלל צוגעפער־טיגט מיט שטיקלעך ברויט; א פלאסטער.

mage *n.* (מיידזש) א מאגיקער, א צויבע־רער, א כשוף־מאכער.

Magellan'ic clouds (מעדזש-ע-לענ'-איק קלאודז) אזעלכע צוויי וואלקען־עהנלי־כע שטערן־שטרייפען אין דער זידליכער העלפט פון הימעל.

ma'gen-Da'vid *n.* (מא'-גיין-דא'-וויד) א מגן דוד.

magen'ta *n.* (מע-דזשענ'-טע) אזא לילא־רויטער קאליר אדער פארב.

mag'got *n.* (מעג'-אט) א קאפריז, א משוגע'נער איינפאל, א שגעון; די לאר־ווא [ווערימעל] פון וועלכער עס ענטווי־קעלט זיך א פליעג; א ווארים.

mag'gotiness *n.* (מעג'-אט-אי-נעס) קאפריזנעקייט; דאס האבען א שגעון; דאס זיין בעדעקט מיט לארווא [א ווערימעל] פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א פליעג; ווערימדיגקייט.

mag'goty *a.* (מעג'-א-טי) ווערימדיג; קאפריזנע, וואס האט א שגעון אדער משוגע'נע איינפעלע.

Ma'gi *n.* (מיי'-דזשאי) די מאגיקער, די געלעהרטע און די פריסטער־קאסטע ביי די פערזיאנער און מעדער [חכמי פרס ומדי]; געלעהרטע לייט אין אריענט; די חכמי הקדם וואס זיינען געקומען, לויט ווי עס דערצעהלט זיך אין דער געשיכטע פון דער קריסטליכער רעליגיאן, בעגריסען די געבורט פון יעזוס קריסטוס. ז. *Magus*

Ma'gian *a.* and *n.* (מיי'-דזשי-ען) וואס איז שייך צו די מאגיקער אדער צו דער פריסטער־קאסטע אין פערזיען [פרס]; א מאגיקער, א מיטגליעד פון דער פריס־טער־קאסטע אין פערזיען.

Ma'gianism *n.* (מיי'-דזשי-ענ-איזם) די לעהרע אדער רעליגיאן פון די מאגיקער [אין פערזיען].

mag'ic *n.* and *a.* (מעדזש'-איק) מאגיע, צויבער־קונסט, כשוף; צויבער־קראפט; מא־גיש, צויבעריש, כשוף'דיג.

mag'ical *a.* (מעדזש'-אי-קעל) מאגיש, צויבעריש, כשוף'דיג.

mag'ically *adv.* (מעדזש'-אי-קעל-אי) אויף א מאגישען אדער כשוף'דיגען אופן; דורך כשוף, דורך צויבער.

mag'ic flute (מעדזש'-איק פליוט) א צויבער־פלייט.

magi'cian *n.* (מע-דזשיש'-ען) א מאגי־קער, א כשוף־מאכער, א צויבערער.

mag'ic lamp (מעדזש'-איק לעמפ) ז. *magic lantern*

mag'ic lan'tern (מעדזש'-איק לענ'-טערן) א מאגישע לאנטערנע [אזא לאנ־טערנע צום פערגרעסערען קליינע בילדער, וועלכע ווערען רעפראדוצירט אויף א ליי־ווענד אדער ווייסער וואנד אין א פינסטע־רען צימער].



Magic Lantern

mag'ic mir'ror (מעדזש'-איק מיר'-אר) א צויבער־שפיגעל [אזא שפיגעל צו מא־כען קונצען].

mag'ic mu'sic (מעדזש'-איק מיו'-זיק) דאס טרעפען דורך מוזיק [אזא שפיעל וואו א זאך ווערט בעהאלטען אין אן ארט און איינער דארף זי געפינען לויט די טענער פון מוזיק. ווען ער קומט צ. ב. נעהנטער צום בעהעלטעניש־ארט שפיעלט די מוזיק שנעלער, ווען ער דערווייטערט זיך — שפיעלט די מוזיק לאנגזאמער א. ז. וו.].

mag'ic square (מעדזש'-איק סקהוועהר) דאס מאגישע צאהלען־פיער־עק [אזא פיער־עקיג קעסטעלע ״גע־טיילט אין קווארדא־טען אין וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט ציפער אויף אזא אופן, דאס ווי מען זאל זיי נים צונויפ־רעכענען, אין דער לענג, אין דער ברייט אדער שרעג, בע־קומט מען אלע דיעזעלבינע סומע.

1	16	11	6
13	4	7	10
8	9	14	3
12	5	2	15

Magic Square

magilp' *n.* (מע-גילפ') ליין־אויל־פערניץ [אזא אויל־לאק וואס ווערט געברויכט ביים פארבען אדער מאלען].

magis'ter *n.* (מע-דזשיס'-טער) א מא־גיסטער [אן אקאדעמישער טיטול, וואס איז אונגעפעהר ווי דער טיטול דאקטאר].

magiste'rial *a.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על) ווי א לעהרער; בעפעהלעריש, געבי־טעריש; דיקטאטאריש; שטאלץ, הויכ־מוטיג; וואס איז שייך צו א מאגיסטראט; וואס איז שייך צו א כעמישער פערבינ־דונג פון צוויי פליסיגקייטען, וועלכע זיינען פערשיעדען אין זייער כאראקטער.

magiste'rially *adv.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון א לעה־רער; געביטעריש, בעפעהלעריש; אזוי ווי א מאגיסטראט.

magiste'rialness *n.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על-נעס) דאס זיין בעפעהלעריש אדער געביטעריש.

magiste'rium *n.* (מעדזש-איס-טי'-רי-אם) אין אלכעמיע — דער שטיין פון די פילאזאפען [אבן החכמים] מיט וועלכען מען קען, לויט ווי מען האט גע־גלויבט, אלע מעטאלען פערוואנדלען אין גאלד; א בעהויפטונג, ערקלערונג אדער בעפעהל פון אן אויטאריטעט אדער מאכט.

march of in'tellect (מארטש אוו אינ'-טע-לעקט) גייסטיגע ענטוויקלונג.

march out (מארטש אוט) ארויסמארשירען; ארויספיהרען; ארויסיאגען.

march'pane *n.* (מארטש'-פיין) מארציפאן, מארציפאנעס [א מין צוקער⸗געבעק]; א נאשעריי; א גוטע, געשמאקע זאך.

march'-time *n.* (מארטש'-טאים) ז. *march-movement*.

march'-trea'son *n.* (מארטש'-טריע'זן) גרענעץ⸗פערראטה, דאס פערראטהען דעם גרענעץ אדער די גרענעץ⸗אינטערעסען צום שונא.

march'-ward *n.* (מארטש'-הוואהרד) א גרענעץ⸗אויפזעהער.

mar'cid *a.* (מאר'-סיד) פערוועלקט, געקנייטשט, אבגעצעהרט; אויסצעהרענד, אבשוואכענד.

marcid'ity *n.* (מאר-סיד'-אי-טי) פערוועלקטקייט; אבגעמאגערטקייט, אויסגעצעהרטקייט.

marco'nigram *n.* (מאר-קאו'-ני-גרעם) א מארקאניגראם, א דעפעשע דורך דעם דראטלאזען טעלעגראף.

marco'nigraph *n.* (מאר-קאו'-ני-גרעף) מארקאני'ס דראטלאזער טעלעגראף.

marco'nigraphy *n.* (מאר-קאו'-ני-גרעפ-אי) מארקאני'ס סיסטעם פון דראטלאזער טעלעגראפיע.

marco'nism *n.* (מאר-קאו'-ניזם) די סיסטעם פון מארקאני'ס דראטלאזער טעלעגראפיע.

marco'nist *a.* and *n.* (מאר-קאו'-ניסט) וואס איז שייך צו מארקאני'ס דראטלאזער טעלעגראפיע; א טעלעגראפיסט ביים דראטלאזען טעלעגראף.

mar'cor *n.* (מאר'-קאר) אויסצעהרונג, מאגערקייט.

Mar'di gras (מאר'-די גרא) א פאלקספעסט אין פראנקרייך און אין אנדערע קאטוילישע לענדער אין דעם דיענסטאג וואס איז ערב די פאסט⸗טעג; אין אייניגע זומער⸗פלעצער פון אמעריקא — א פאלקס⸗פעסט צום שלום פון סעזאן.

mare *n.* (מעהר) א קליאטשע, א שקאפע; אן אונרוהיגער שלאף מיט שלעכטע חלומות; אינקובוס [א טייוועל, וועלכער פעראורזאכט, לויט דעם פאלקס אבערגלויבען, אן אונרוהיגען שלאף און בייזע חלומות].

ma're clau'sum (מיי'-ריע קלאה'-סאם) אן אבגעשלאסענער ים; א ים וואס איז אבגעשלאסען פאר נאוויגאציאן; א ים אדער א טייל פון ים וואס געפינט זיך אונטער דער יוריסדיקציע פון איין לאנד [אין נעגענזאץ צו א ים, וואס בעלאנגט צו אלע פעלקער].

mare'na *n.* (מע-ריע'-נא) דער מאי⸗פיש. ז. *lavaret*.

mare's nest (מעהרז נעסט) א פוסטער חלום, א לופט⸗שלאס; א לעכערליכע, איינגערעדטע ענטדעקונג.

mare's'-nest *v.* (מעהרז'-נעסט) מאכען א לעכערליכע איינגערעדטע ענטדעקונג.

mare's'-tail *n.* and *a.* (מעהרז'-טייל) דער טאנענעק [אזא פלאנצע]; א לאנגער, שמאלער, שווארצער שטורם⸗וואלקען; עהנליך צו א טאנענעק [וועגען וואלקענס].

Mare's-tail

mar'garate *n.* (מאר'-גע-רייט) מארגארין⸗זאלץ [א כעמישער שטאף].

margar'ic *a.* (מאר-גער'-איק) פערלדיג, עהנליך צו פערל.

margar'ic ac'id (מאר-גער'-איק עס'-איד) מארגארין, מארגארין⸗זויערע [א כעמישער שטאף].

mar'garin *n.* (מאר'-גע-רין) מארגארין, קינסטליכע פוטער.

mar'garine *n.* (מאר'-גע-רין) ז. *margarin*.

margarita'ceous *a.* (מאר-גע-רי-טיי'-שיאס) עהנליך צו פערלמוטער; פערלדיג.

mar'garite *n.* (מאר'-גע-ראיט) בערנגלימער [אזא רויטליכער אדער גרויליכער מינעראל מיט א פערלדיגען גלאנץ]; א פערל.

margarit'ic *a.* (מאר-גע-ריט'-איק) פערלדיג; וואס איז שייך צו בערג⸗גלימער. ז. *margarite*.

margaritif'erous *a.* (מאר-גע-רי-טיפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אדער פראדוצירט פערל; פערלדיג; עהנליך צו פערלמוטער.

mar'gate-fish *n.* (מאר'-גייט-פיש) אזא גרויסער פערל⸗ווייסער פיש [האלט זיך אויף אין קאראאיבישען ים].

mar'gay *n.* (מאר'-גיי) דער מארגאי אדער די אמעריקאנישע טיגער⸗קאץ [אן אמעריקאנישע ווילדע קאץ מיט א געשטרייפטער און געפלעקטער פעל].

marge *n.* (מארדזש) ז. *margin*.

marged *a.* (מארדזשד) ז. *marginated*.

mar'gent *n.* and *a.* (מאר'-דזשענט) א ראנד⸗בעמערקונג [א בעמערקונג אויף'ן זייטען⸗ראנד פון א בוך]; וואס איז שייך צו א ראנד, וואס געפינט זיך אויף'ן ראנד.

mar'gin *n.* and *v.* (מאר'-דזשין) א ברעג, א ראנד [פון א טייך, פון א בוך א. ז. וו.]; א בעמערקונג אויף'ן ראנד פון א בוך; אומפאנג, רוים; אונבעשרענקטקייט, מעגליכקייט זיך צו פערברייטען; אן עקסטרא סומע [פאר ניט פארויסגעזעהענע אויסגאבען, שאדען א. ז. וו.]; א סומע וואס א בערזען⸗ספעקולאנט צאהלט איין אויף'ן פאל פון פערלוסט; מאכען א ברעג אדער ראנד; מאכען א בעמערקונג אויף'ן ראנד [פון א בוך].

mar'ginal *a.* (מאר'-דזשי-נעל) וואס געפינט זיך אויף'ן ראנד אדער נאהענט צום ראנד; וואס איז געשריבען אדער געדרוקט אויף'ן ראנד פון א בוך.

margina'lia *n.* (מאר-דזשי-ניי'-לי-א) ראנד⸗בעמערקונגען, בעמערקונגען אויף'ן ראנד פון א בוך.

mar'ginally *adv.* (מאר'-דזשי-נעל-אי) ביים ראנד אדער אויף'ן ראנד [פון א בוך].

mar'ginate *v.* and *a.* (מאר'-דזשי-נייט) מאכען א ראנד, בעזארגען מיט א

ראנד: וואס האט א ראנד: וואס האט א קאלירטען ראנד [וועגען אינזעקטען].

mar'ginated *a.* (מאר'-דזשי-ניי-טעד) וואס האט ברעגעס אדער ראנדען.

mar'gined *a.* (מאר'-דזשינד) ז. ***marginated***.

mar'gining *n.* (מאר'-דזשי-נינג) די ראנדען, די ברעגען [בכלל]; די פארב פון די ראנדען.

mar'giniform *a.* (מאר'-דזשי-ני-פארם) עהנליך צו א ראנד אדער ברעג; וואס דיענט אלס ראנד אדער ברעג.

mar'gin up (מאר'-דזשין אפ) איינצאה־לען א געוויסע סומע אויף בערזען־ספעקו־לאציעס אום צו דעקען דעם פערלוסט אין פאל ווען דער קורס פאלט.

mar'gravate *n.* (מאר'-גרע-ווייט) א מארקגראפשאפט, דאס לאנד אונטער דער הערשאפט פון א מארקגראף [א הויכער טיטול אין דייטשלאנד].

mar'grave *n.* (מאר'-גרייוו) א מארק־גראף [א הויכער טיטול אין דייטש־לאנד].

margra'viate *n.* (מאר-גריי'-ווי-אייט) א מארקגראפשאפט. ז. ***margravate***.

mar'gravine *n.* (מאר'-גרע-וויען) א מארקגרעפין. ז. ***margrave***.

mar'guerite *n.* (מאר'-גע-ריעט) א מארגאריטקע, א גענזענבלימעל. ז. ***daisy***.

mar'iet *n.* (מאר'-אי-עט) דאס מעער־פייגלכען [אזא בלום].

marig'enous *a.* (מע-רידזש'-ע-נאס) וואס וואקסט אדער ווערט געבארען אין ים.

mar'igold *n.* (מאר'-אי-גאולד) די גאלד־בלום [אזא פלאנצע מיט געלבע בלומען].

mar'igraph *n.* (מאר'-אי-גרעף) אן אינסטרומענט אויטאמאטיש צו פערצייכנען די הויך פון דעם ים־פלוט [וואסער־הע־כערונג].

marinade' *n.* (מער-אי-נייד') מארי־נאט [א צונויפגעזעצטע פליסיגקייט פון וויין אדער פון עסיג מיט פערשיעדענע געווירצען, אין וועלכע מען טונקט איין פלייש אדער פיש פאר'ן קאכען. פלייש אדער פיש וואס ווערט מארינירט].

mar'inate *v.* (מאר'-אי-נייט) מארי־נירען.

marine' *a. and n.* (מע-ריען') וואס איז שייך צום ים; וואס געפינט זיך אין ים; די מארינע [די פלאטע]; א מארינע־סאלדאט [א מאטראז אויף א קריעגס־שיף]; א ים־אנזיכט [א בילד וואו עס איז אבגעמאלט דער ים]; א לעדיגע פלאש.

marine' ac'id (מע-ריען' עס'-איד) הידרא־כלאר זויערע, זאלץ־זויערע. ז. ***hydrochloric acid***.

marine' blue (מע-ריען' בלוה) מארינע בלוי [דונקעל־בלוי].

marine' boi'ler (מע-ריען' באי'-לער) א דאמפף־קעסעל פון א שיף [צייכענט זיך אויס דערמיט, וואס עס האט א גרויסע הייץ־פלעכע און פערנעהמט פראפארציא־נעל א קליינעם פלאץ].

marine' en'gine (מע-ריען' ענ'-דזשין) א דאמפף־מאשין פון א שיף וואס געהט אויף'ן ים.

marine' enginee'ring (מע-ריען' ענ-דזשי-ניע'-רינג) דער טהייל פון דער אינ־זשינער־וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דער קאנסטרוקציאן פון שיפען.

marine' insur'ance (מע-ריען' אינ-שור'-ענס) שיפס־פערזיכערונג, ים־אסעקו־ראנץ [דאס פערזיכערען א שיף אין א פערזיכערונגס־געזעלשאפט].

marine' league (מע-ריען' ליעג) א לענג־איינהייט וואס איז גלייך צו דריי געאגרא־פישע מיילען.

marine' of'ficer (מע-ריען' אפ'-אי-סער) א שיפס־אפיציער.

mar'iner *n.* (מאר'-אי-נער) א זעעמאן, א שיפס־מאן, א מאטראז.

mar'iners' com'pass (מאר'-אי-נערז קאמ'-פעס) א שיפס־קאמפאס.



Mariners' Compass

marine' soap (מע-ריען' סאופ) קאקאס־נוס־זייף, א זארט זייף וואס איז צוגע־פאסט פאר וואשען מיט ים־וואסער.

marine' survey'or (מע-ריען' סויר-וויי'-אר) א שיפס־קאנטראלער [פאר צווע־קען פון פערזיכערונג, אום זיך צו איבער־צייגען, אויב מען דארף זיי ניט פעררייכ־טען א. ז. וו.].

Mariol'atry *n.* (מיי-רי-אל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון מאריא, די מוטער פון יעזוס קריסטוס.

marionette' *n.* (מער-אי-א-נעט') א בעוועגליכע קוקלע, א קוקלע וואס ווערט בעוועגט דורך שטריקלעך.

mar'iput *n.* (מאר'-אי-פוט) די צארילע [אזא קליין חיה'לע געשטרייפט אין שווארץ און ווייס, מיט א שלעכטען ריח].

mar'ital *a.* (מאר'-אי-טעל) וואס איז שייך צו א בעווייבטען מאן; וואס איז שייך צו הייראט.

mar'ital affec'tion (מאר'-אי-טעל ע-פעק'-שאן) אין רוימישער געזעצגעבונג — ליעבע וואס פיהרט צו הייראט [אין גע־גענזאץ צו קאנקובינאט אדער אונגעזעצ־ליכער הייראט], כדי די קינדער זאלען זיין געזעצליך אנערקענט.

mar'itime *a.* (מאר'-אי-טאים) וואס איז שייך צום ים; וואס איז פערבונדען מיט'ן ים; וואס איז שייך צו ים־נאוויגאציאן; וואס ליעגט ביים ים.

mar'itime com'merce (מאר'-אי-טאים קאמ'-אירס) ים־האנדעל.

mar'itime court (מאר'-אי-טאים קאורט) א געריכט, פאר וועלכען עס ווע־רען פארגעבראכט קלאגען וואס זיינען פערבונדען מיט נאוויגאציאן.

mar'itime law (מאר'-אי-טאים לאה) דאס ים־געזעץ [וואס האט צו טהאן מיט נאוויגאציאן, ים־האנדעל און פערברע־כענס אויף'ן ים].

mar'itime pow'ers (מאר'-אי-טאים פאו'-ערז) ים־מעכטע [לענדער וואס פערמאגען גרויסע קריעגס־פלאטען].

mar'itime trade (מאר'-אי-טאים טרייד) ז. ***maritime commerce***.

mar'jay *n.* (מאר'-דזשיי) דער מארגאי, די אמעריקאנישע טיגער־קאץ. ז. ***margay***.

mar'joram *n.* (מאר'-דזשא-רעם) מאיא־ראן [אזא פלאנצע מיט ווייסע בליטהען, ווערט געברויכט אין מעדיצין און אויף אין שפייזן].

Sweet Marjoram

mark *n. and v.* (מארק) א צייכען, א קענצייכען, א מערק־צייכען; א בראנד־מארק; עטוואס כאראקטעריסטישעס; א ציעל; פראמינענץ; א גרענעץ; אן אנ־גענומענע, נארמאלע מאס [פון אויפפיה־רונג, ווערטה, מאראל א. ז. וו.]; א רע־גיערונגס־ערלויבניס צו פערכאפען פיינד־ליכע שיפען; א קהל'שעס שטיק לאנד [אין מיטעלאלטער אין ענגלאנד און דייטשלאנד]; א געוויכט פון 8 אונצעס אמאל אין ענגלאנד [הויפטזעכליך פאר גאלד און זילבער]; א מארק [א דייטשע מטבע פון אונגעפעהר 24 אמעריקאנישע סענט]; טונקעלקייט, פינסטערניש; מאכען א צייכען, בעצייכענען, בראנדמארקען; דיענען אלס צייכען, כאראקטעריזירען; נעהמען אין אכט, בעמערקען, בעאבאכ־טען.

mark down (מארק דאון) 1. פערצייכע־נען, פערשרייבען; 2. ארויפשטעלען א פערקלענערטען [רעדוצירטען] פרייז; רעדוצירען דעם פרייז.

1. Let me mark this down in my note book. 2. The goods for sale to-day are marked down in price.

marked *a.* (מארקט) קענבאר, קלאר, בולט, אויפפאלענד; גוט בעקאנט [צום גוטען אדער צום שלעכטען]; געשטעמ־פעלט; אין מוזיק — קלאר, אונטערגע־שטראכען.

marked degree' (מארקט די-גריע') א הויכער גראד.

The boy shows ability to a marked degree.

mar'kedly *adv.* (מאר'-קעד-לי) אויף א קענטליכען, מערקבארען, בולט'ען אדער אויפפאלענדען אופן.

markee' *n.* (מאר-קיע') ז. ***marquee***.

mar'ker *n.* (מאר'-קער) איינער וואס פערצייכענט אדער פערשרייבט; איינער וואס מאכט צייכענס אדער בעצייכענט עפעס; איינער וואס שטעמפעלט אדער הייננט אויף קוויטלעך [אויף סחורות]; א מארקער [וואס האלט דעם חשבון ביי ביליארד און אנדערע שפיעלען]; אין מי־ליטער — א סאלדאט נאך וועלכען די איבריגע סאלדאטען ריכטען זיך; א בע־אבאכטער; א ציעל־שיסער; א פארריכ־

טונג אנצוצייכענען די רייהען אויף א פעלד [צום פערפלאנצען]: ביי א נעה=מאשין — א פארריכטונג אנצוצייכענען דעם פלאץ, וואו צו מאכען א פאלד אדער א נאט; א פען צום מאכען צייכענס אויף סחורות.

mar'ket *n. and v.* (מאר'-קעט) א מארק, א מארק=פלאץ; א מארק, א יאריד; דער פערקויף, דער אבגאנג; דער פרייז; קויפען, פערקויפען, האנדלען; ברייננען אין מארק; פערקויפען אין מארק.

marketabil'ity *n.* (מאר-קעט-ע-ביל'-אי-טי) פערקויפליכקייט; גאנגבארקייט.

mar'ketable *a.* (מאר'-קעט-עבל) לייכט צו פערקויפען, גאנגבאר, וואס קען געהן אין מארק.

mar'ketableness *n.* (מאר'-קעט-עבל-נעס) פערקויפליכקייט; גאנגבארקייט.

mar'ketable ti'tle (מאר'-קעט-עבל טאיטל) א רעכט אויף איינענטום, וואס קען פערקויפט ווערען.

mar'ket-bas'ket *n.* (מאר'-קעט-בעס'-קעט) א קאשיק, מיט וועלכען מען געהט אין מארק איינקויפען.

mar'ket-bell *n.* (מאר'-קעט-בעל) א מארק=גלאק [דורך דעם קלינגען פון דעם גלאק לאזט מען וויסען וועגען דער עפענונג אדער שליסונג פון דעם מארק].

mar'ket-court *n.* (מאר'-קעט-קאורט) א מארק=געריכט [אמאל אין ענגלאנד — א געריכט, פאר וועלכען עס פלעגען פארגעבראכט ווערען קלאגען וואס זיינען געווען פערבונדען מיט'ן מארק אדער מיט א יאריד].

mar'ket-day *n.* (מאר'-קעט-דיי) א מארק=טאג; א יאריד=טאג.

mar'keter *n.* (מאר'-קעט-ער) א מארק=מענש; א מארק=קויפער; א מארק=הענדלער, א מארק=זיצער.

mar'ket-gar'den *n.* (מאר'-קעט-גאר'דן) א גארטען וואס זיינע פראדוקטען זיינען בעשטימט פאר פערקויף.

mar'ket-garde'ner *n.* (מאר'-קעט-גארד'-נער) א גערטנער וואס האנדעלט מיט זיינע גארטען=פראדוקטען.

mar'ket-house *n.* (מאר'-קעט-האוס) א מארק, א באזאר, א מארק=הויז.

mar'keting *n.* (מאר'-קעט-אינג) דער קויף, דער איינקויף; איינגעהאנדעלטע זאכען; איינגעהאנדעלטע מארק=פראדוקטען.

mar'ket-Jew *n.* (מאר'-קעט-דזשוה) א מין קראהע. ז. ***chough***

mar'ket-Jew crow (מאר'-קעט-דזשוה קראו) א מין קראהע. ז. ***chough***

mar'ket-maid *n.* (מאר'-קעט-מייד) א דיענסט=מיידעל וואס שטעהט אין מארק זיך צו פערדינגען.

mar'ketman *n.* (מאר'-קעט-מען) ז. ***marketer***

mar'ket-mas'ter *n.* (מאר'-קעט-מעס'-טער) א שטאדטישער בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער די מארקען.

mar'ket-place *n.* (מאר'-קעט-פלייס) א מארק, א מארק=פלאץ.

mar'ket price (מאר'-קעט פראיס) דער מארק=פרייז, דער אנגענומענער פרייז, דער קורס.

mar'ket rate (מאר'-קעט רייט) ז. ***market price***

mar'ket-town *n.* (מאר'-קעט-טאון) א יאריד=שטאדט [א שטאדט, וואו עס קומט פאר א יאריד].

mar'king *n. and a.* (מאר'-קינג) דאס צייכנען, דאס מאכען צייכענס; א צייכען אדער רייהע צייכענס: פארבונג; דאס ארומשניידען די ברעגען פון מטבעות; מארקענדיג א צייכען; בעדייטענד, זיך אויסצייכנענד, אויפפאלענד; בעמערקענדיג, בעאבאכטענדיג.

mar'king-gage *n.* (מאר'-קינג-גיידזש) א שטרייך=מאס אדער א שטריך=מאס [א טישלער=אינסטרומענט צו מאכען פאראלעלע ליניען].



Marking-gage

mar'king-ink *n.* (מאר'-קינג-אינק) צייכען=טינט, צייכען=פארב.

mar'king-i'ron *n.* (מאר'-קינג-אי'-ערן) א צייכען=אייזען, א מארקיר=אייזען, א ברען=אייזען.

mar'kingly *adv.* (מאר'-קינג-לי) מיט בעאבאכטונג, מיט אויפמערקזאמקייט.

mar'king-machine' *n.* (מאר'-קינג-מע-שין') א מאשין צום אויסשניידען מטבעות פארצובערייטען זיי צו דער פרעג=מאשין.

mar'king-plow *n.* (מאר'-קינג-פלאו) אן אקער, מיט וועלכען מען שניידט איין ניט טיעפע שורות אין דער ערד, נאך וועלכע מען ריכטעט זיך נאכדעם ביים פערפלאנצען אדער פערזייהען.

mar'king-pole *n.* (מאר'-קינג-פאול) דער מארקיר=שטאנג [ביים מעסטען].

mark'man *n.* (מארק'-מען) א שותף צו קהל'שען לאנד, א מיטגליעד פון א שטאדט אדער דארף וואס פערמאגט קהל'שע ערד, מיט וועלכער אלע איינוואהנער בענוצען זיך; א גוטער שיסער, א ציעל=טרעפער.

mark me! (מארק מי) געדענק מיינע רייד!

mark'mote *n.* (מארק'-מאוט) א בערא=טהענדע פערזאמלונג, א בעראטהונג פון שטאדט אדער דארף=איינוואהנער, וואס פערמאגען קהל'שע ערד, מיט וועלכער אלע בענוצען זיך.

mark out (מארק אוט) 1. אנווארפען א פלאן; 2. אנצייכענען, אויסקלייבען, בעשטימען.

1. Please **mark out** the plan for decorating our house. 2. The ringleaders were **marked out** for punishment.

marks'man *n.* (מארקס'-מען) א גוטער שיסער, א ציעל=טרעפער; איינער וואס שרייבט זיך אונטער מיט א צייכען [וואס קען ניט שרייבען].

marks'manship *n.* (מארקס'-מענ-שיפ) די קונסט צו שיסען אין ציעל.

marks'woman *n.* (מארקס'-הוואומ-ען) א גוטע שיסערין.

mark time (מארק טאים) אבקלאפען דעם טאקט; אין מיליטער — זיך טאפטשען אויף איין ארט, בעוועגען מיט די פיס אויף איין פונקט ווי מען וואלט מארשירט.

mark'-tooth *n.* (מארק'-טוהטה) א צאהן פון א פערד נאך וועלכען מען בעשטימט דעם פערד'ס יאהרען.

mark up (מארק אפ) ארויפשטעלען א העכערען פרייז; העכערען דעם פרייז; מארקירען, בראנדמארקען; בעצייכנען, אנצייגען; אנמערקען.

mark'worthy *a.* (מארק'-הוואיר-טהי) בעמערקענסווערטה.

marl *n. and v.* (מארל) מערגעל=ערד אדער רובליאק [אזא פעטע ערד צום בעמיסטיגען]; מארמאר; א שפיעל=צייכען; בעמיסטיגען מיט מערגעל=ערד: ארומוויקלען א שיפס=שטריק מיט מארלין אדער קליינע שטריקלעך.

marla'ceous *a.* (מאר-ליי'-שיאס) מערגעלדיג, עהנליך צו מערגעל=ערד, וואס ענטהאלט מערגעל=ערד [אזא פעטע ערד, געברויכט צום בעמיסטיגען].

mar'lin *n.* (מאר'-לין) א בראכפויגעל. ז. ***curlew***

mar'line *n. and v.* (מאר'-לין) מארלין [קליינע שטריקלעך, מיט וועלכע מען וויקעלט ארום א שיפס=שטריק]; ארומוויקלען מיט מארלין.

mar'linespike *n.* (מאר'-לינ-ספאיק) א שפיציגער אייזערנער אינסטרומענט געברויכט ביים אנוויקלען שיפס=שטריק מיט מארלין [קליינע שטריקלעך].

marl'-pit *n.* (מארל'-פיט) א מערגעל=ערדגרוב. ז. ***marl***

marl'-slate *n.* (מארל'-סלייט) מערגעל=שיעפער [א מין מערגעל=ערד וואס שפאלט זיך אין דינע פלאטען].

marl'stone *n.* (מארל'-סטאון) מערגעל=קאלכשטיין [א מין פעטע ליים צום מיסטיגען].

mar'ly *a.* (מאר'-לי) מערגעלארטיג, ווי מערגעל=ערד; וואס ענטהאלט מערגעל=ערד [א מין פעטע ערד צום מיסטיגען].

mar'ly clay (מאר'-לי קליי) א מין ליים [ווערט געברויכט פאר ציגעל און אויך אלס בעמיסטיגונג].

mar'malade *n.* (מאר'-מע-לייד) מארמעלאד.

mar'malade-plum *n.* (מאר'-מע-לייד-פלאם) דער מארמעלאד=בוים; די מארמעלאד=פרוכט. ז. ***marmalade-tree***

mar'malade-tree *n.* (מאר'-מע-לייד-טריע) דער מארמעלאד=בוים [די פרוכט פון דיעזען בוים ניט ארויס א זאפט, וואס איז עהנליך צו מארמעלאד].

marmaro'sis *n.* (מאר-מע-ראו'-סיס) פערוואנדלונג פון קאלכשטיין אין מארמאר.

marmora'ceous *a.* (מאר-מא-ריי'-שיאס) עהנליך צו מארמאר; וואס ענטהאלט מארמאר.

mar'morate *a.* (מאר'-מא-רייט) מארמארירט, געמאכט עהנליך צו מארמאר, בעדעקט מיט מארמאר.

marmora'tion *n.* (מאר-מא-ריי'-שאן) מארמאר=בעדעקונג; מארמארירונג, דאס מאכען עהנליך צו מארמאר.

marmo'real *a.* (מאר-מאו'-רי-על) מארמאר=עהנליך.

marmo'rean *a.* (מאר-מאו'-רי-ען) ז. ***marmoreal***

mar'mose *n.* (מאר'-מאוס) דער בוש=ראץ אדער ביטעל=ראץ [אזא חיה'לע אין זיד=אמעריקא וואס טראגט אום די קינדער אויף'ן רוקען].

Marmose

mar'moset *n.* (מאר'-מא-זעט) די זיי־דען־אפע [א זיר־אמעריקאנישע אפע וואס איז ענליך צו א וועווערקע]; א מיאוס'ע צורה.

Marmoset

mar'mot *n.* (מאר'-מאט) דאס מורמעל־טהיער אדער סורקע [אזא גריזשענדעס חיה'לע].



Marmot

maroon' *n., v. and a.* (מע-רוהן') א מין זיסע קאשטאנען; טונקעל רויט־ברוי־נער קאליר; אזא באמבע; א מאראן, א בוש־נעגער [אין דער צייט פון דער נע־גער־שקלאפעריי אין אמעריקא — אן אנטלאפענער נעגער־שקלאף וואס האט זיך אומגעקעהרט צו א ווילדען צושטאנד]; איינער וואס איז איבערגעלאזט געווארען אויף א ווילדען אינזעל [אלס שטראף]; לעבען א לאנער־לעבען; פערווילדעט, זיך צוריק אומגעקעהרט צו א ווילדען צו־שטאנד; טונקעל רויט־ברוין.

ז. איך *"Colors"*

maroo'ner *n.* (מע-רוה'-נער) א מאראן, א בוש־נעגער. ז. *maroon*

mar'plot *n.* (מאר'-פלאט) א פלאן־צו־שטערער.

marque *n.* (מארק) דאס פערכאפען א שונא'ם שיף אדער בכלל דאס איינענטום פון א פיינדליכען לאנד [אויף א רעגיע־רונגס־ערלויבניס]; איינענטום [הויפטזעכ־ליך א שיף] וואס איז אויף אזא אופן פערכאפט געווארען.

marquee' *n.* (מאר-קיע') א גרויס גע־צעלט [פאלאטקע].

mar'quess *n.* (מאר'-קהוועס) ז. *marquis*

mar'quetry *n.* (מאר'-קעט-רי) די איינ־געלעגטע טישלער־ארבייט [צונויפגעקלייע־טע שטיקלעך האלץ אדער עלפענביין, וואס בילדען אויס פערשיעדענע פיגורען און ווערען איינגעפאסט אין דעם אויבערשטען בעשלאג פון מעבעל און אנדערע טישלער־ארבייט].

mar'quis *n.* (מאר'-קהוויס) א מארקיז [אן אדעל־טיטול, וואס בעצייכענט א צווי־שען־שטופע צווישען א גראף און א הער־צאג].

mar'quisate *n.* (מאר'-קהוויס-אייט) די ווירדע אדער דער הערשונגס־בעצירק פון א מארקיז. ז. *marquis*

marquise' *n.* (מאר-קיז') אין פראנק־רייך — א מארקיזין, די פרוי פון א מאר־קיז; אן אמאליגער קליינער רעגען־שירם; אן ארט שניידען אדער שלייפען דימאנטען; אן ארט גלעזערנער דאך איבער דער אריינ־גאנגס־טהיר פון א געביידע.

mar'quisship *n.* (מאר'-קהוויס-שיפ) ז. *marquisate*

mar'ram *n.* (מער'-עם) דער זאמד־ראהר [א מין גראז, ענליך צו שטרוי, וואס וואקסט אויף די זאמדיגע ברעגעס פון ים אין אייראפא און אמעריקא].

mar'rer *n.* (מאר'-ער) א פערדארבער; איינער וועלכער מאכט אן שאדען.

mar'riage *n.* (מער'-אידזש) הייראט; חתונה; אן ענגער פערבאנד [ווי דער פערבאנד פון א פערהייראטען פאר פאלק]: אין געוויסע קארטען־שפּיעלען — דאס האבען דעם מלך מיט דער מלכה.

mar'riageable *a.* (מער'-אידזש-עבל) וואס איז פעהיג צו הייראטען; אין די יאהרען אדער אין צושטאנד חתונה צו הא־בען.

mar'riageableness *n.* (מער'-אידזש-עבל-נעס) דאס זיין אין די יאהרען אדער אין צושטאנד חתונה צו האבען.

mar'riage ar'ticles (מער'-אידזש אר'-טיקלז) ז. *marriage contract*

mar'riage bro'kage (מער'-אידזש בראו'-קיידזש) שדכנות; שדכנות־געלד.

mar'riage con'tract (מער'-אידזש קאנ'-טרעקט) א הייראטס־קאנטראקט; א כתובה.

mar'riage fa'vors (מער'-אידזש פיי'-ווארז) שלייפען פון בענדער אדער קראנ־צען פון ווייסע בלומען, וועלכע מען טראגט אויף א חתונה.

mar'riage li'cense (מער'-אידזש לאי'-סענס) א הרשאה, אן ערלויבניס־שיין חתונה צו האבען, וואס עס ווערט ארויס־געגעבען פון מאגיסטראט אדער פון אן אנדער אפיציעלען בעאמטען.

mar'riage por'tion (מער'-אידזש פאור'-שאן) נדן.

mar'riage set'tlement (מער'-אידזש סעט'ל-מענט) א מין כתובה אדער קאנ־טראקט וואס ווערט געמאכט פאר דער חתונה, אז אין פאל פון מאן'ס טויט זאל א געוויסער טייל פון זיין פערמעגען בע־לאנגען צו דער אלמנה.

mar'riage-song *n.* (מער'-אידזש-סאנג) א חתונה־ליעד, א האכציימס־גע־דיכט.

mar'ried *a.* (מער'-איד) פערהייראט.

mar'ried state (מער'-איד סטייט) דאס פערהייראטע לעבען, דאס זיין פער־הייראט.

mar'rier *n.* (מער'-אי-ער) איינער וואס הייראט.

marroon' *n.* (מע-רוהן') אין פייער־ווערק — א פאפּיערענע באמבע, וועלכע קנאקט אויס ווי דער שאס פון א האר־מאט; א קאשטאנען־קאליר; א גרויסער זיסער קאשטאן פון די דרום־אייראפאישע קאשטאנען־בוימער.

mar'rot *n.* (מער'-אָט) דער אלק־פוינגעל [איינער פון די מינים ים־פויגלען, וועל־כע קענען נים פליהען, נאר שווימען שנעל און לאזען זיך ארונטער אונטער'ן וואַ־סער].

mar'row *n.* (מער'-או) דער מארך פון די ביינער; דאס סאמע וועזען, דער עיקר פון עפּעס.

mar'row-bone *n.* (מער'-או-באון) דער מארך־ביין, א ביין פול מיט מארך אדער זאפט, א גרויסער ביין, מיט וועלכען מען קלאפּט אן אן אנדער זאך, כדי צו בעקומען געוויסע ריטמישע טענער און קלאנגען.

mar'row-bones *n.* (מער'-או-באונז) די קניע [הומאריסטיש].

mar'rowfat *n.* (מער'-א-פעט) א זארט גרויסע ארבעס.

mar'rowless *a.* (מער'-א-לעס) אהן מארך; וואס האט נים קיין מארך אדער זאפט [ווענען ביינער]; אהן א גלייכען; וואס קען זיך נים פערגלייכען.

mar'row-spoon *n.* (מער'-או-ספוהן) א מין לאנג לעפעלע, מיט וועלכען מען נעהמט ארויס דעם מארך פון א ביין.

mar'rowy *a.* (מער'-א-אי) פול מיט מארך אדער זאפט אין די ביינער; שטארק; ענערגיש.

mar'ry *v. and int.* (מער'-אי) פער־הייראטען, חתונה מאכען; הייראטען, חתונה האבען; פעראייניגען; אויף א שיף — פעראייניגען צוויי שטריק ענד צו ענד; ווירקליך! טאקע! [אן אויס־דרוק פון בעוואונדערונג, ערשטוינען אדער אונגלויבינקייט].

mar'rying man (מער'-אי-אינג מען) א מענש, וועלכער האלט ביי חתונה הא־בען; איינער וואס שטעהט אין שידוכים.

Mars *n.* (מארז) מארס, דער אלט־רוימי־שער גאט פון מלחמה, וועלכער פלעגט זיין פערגעשטעלט ווי א שטארקער בע־וואפענטער מאנספערזאן; דער פלאנעט מארס, איינער פון די פלאנעטען פון אונ־זער זונען־סיסטעם [דער פלאנעט איז 6½ מאל קלענער איידער אונזער ערד. דער טאג אויף איהם דויערט 24 שטונדען מיט 37 מינוטען און דאס יאהר — 668⅔ טעג. דער קלימאט אויף איהם איז כמעט דערזעלבער ווי אויף דער ערד].

Marsa'la *n.* (מאר-סא'-לא) א מין וויי־סער וויין וואס ווערט פּראדוצירט אין סיציליען ארום דער שטאדט מארסאלא.

Marseillais' *a. and n.* (מאר-סע-ליעי') ז. *Marseillaise*

Marseillaise' *a. and n.* (מאר-סע-לייז') וואס איז שייך צו מארסעל [די פראנצויזישע שטאדט אויף'ן ברעג פון מיטעללענדישען ים]; אן איינוואוהנער פון מארסעל; די מארסעליעזע [א רעוואָ־לוציאנערעס ליעד, וואס איז פערפאסט געווארען אין פראנקרייך אין יאהר 1792 און ווערט געזונגען כמעט אין אלע צי־ווילזירטע לענדער].

marseilles' *n.* (מאר-סיילז') א באוועל־נע צייג ענליך צו פּיקע, פון וועלכער מען נעהמט זשילעטען און זומערדיגע מענער־קליידער.

marsh *n.* (מארש) א בלאטע; א זומפּ־נער בארען.

mar'shal *n. and v.* (מאר'-שעל) א מארשאל, א בעאמטער, וועלכער האט אויף זיך די פּפליכט צו רעגולירען צערעמא־ניעס, אכטונג צו געבען אויף דער ארד־נונג, אויפהאלטען די עטיקעטע א. ד. ג.; א פעלד־מארשאל, דער קאמאנדיר פון

דער גאנצער ארמעע; אין די פעראייניטע שטאאטען פון אמעריקא — דער אדמיניסטראטיווער בעאמטער פון העכסטען געריכט פון לאנד אדער פון א געריכטס=בעצירק; דער הויפט פון דער פאליציי אדער פון די פייער=לעשער אין געוויסע שטעדט; אן אנגעשטעלטער פון א פריוואטער געזעלשאפט צו רעגולירען איהרע צערעמאניעס און אויספיהרען איהרע בעשליסע און בעפעהלען; איינארדנען, ברייננגען אין ארדנונג; אויסשטעלען אן ארמעע אין מלחמה=ארדנונג; אנפיהרען אן ארמעע; דיסציפלינירען, לערנען; צוזאמענקלייבען זיך, גרופירען זיך אין א געוויסער ארדנונג [וועגען אן ארמעע].

mar′shalcy *n.* (מאר′-שעל-סי) דאס אמט, דער ראנג אדער די שטעלע פון א מארשאל.

mar′shaler *n.* (מאר′-שעל-ער) איינער וואס שטעלט איין אין א גוטער אדער פאסענדער ארדנונג.

mar′shaller *n.* (מאר′-שעל-ער) ז. *marshaler*.

mar′shalsea *n.* (מאר′-שעל-סיע) פארצייטען אין ענגלאנד — דאס געריכט פון דעם קעניגליכען הויף=מארשאל. ז. *marshal*.

mar′shalship *n.* (מאר′-שעל-שיפ) דאס אמט אדער די ווירדע פון א מארשאל; דאס זיין א מארשאל; די צייט פון דיענסט פון א מארשאל.

marsh′-bred *a.* (מארש′-ברעד) ערצויגען אין זומפ; פון נידריגער ערציהונג.

marsh′-el′der *n.* (מארש′-על′-דער) דער ווילדער שנעעבאל אדער קאלינע [א מין קוסט מיט ווייסע בליטהען און רויטע זויערע יאגדעס].

marsh′-fe′ver *n.* (מארש′-פי′-ווער) זומפ=פיבער [א קדחת וואס הערט צייטווייליג אויף און הויבט זיך ווידער אן].

marsh′-gas *n.* (מארש′-געס) זומפ=גאז [א גאז, וועלכער בילדעט זיך אויס פון צופוילטע פלאנצען. א לייכטע פעראייניגונג פון זויער=שטאף מיט קויהלען=שטאף].

marsh′-har′rier *n.* (מארש′-הער′-אי-ער) אזא קארשון אדער מארטין=פויגעל וואס פערניכטעט פרעש [זשאבעס] אין זומפען.

mar′shiness *n.* (מאר′-שי-נעס) בלאטיגקייט, זומפיגקייט.

marsh′land *n.* (מארש′-לענד) בלאטיג לאנד, זומפיג לאנד.

marsh′-mal′low *n.* (מארש′-מעל′-או) א גראז=ארטיגער בוש אדער קוסט מיט מאט=רויטליכע בלומען, וואס וואקסט אין זומפיגע ערטער און בעזונדערס ביים ברעג ים אין אייראפא און אין איינינע טיילען פון אמעריקא; דער זאפט פון די ווארצלען פון דיעזען בוש.

marsh′-mar′igold *n.* (מארש′-מער′-אי-גאולד) די זומפ=גאלדבלום [א מין גראז מיט געלבע קעפעלעך, וואס זיינען ארומגעוואקסען מיט ווייסע צונג=פערמיגע בלעטעלעך].

marsh′-pen′nywort *n.* (מארש′-פענ′-אי-הוואירט) א מין קריכענד גראז מיט ברייטע בלעטלעך און טונקעל=ווייסע בליטהען, וואס וואקסט אין זומפיגע ערטער.

marsh′-tre′foil *n.* (מארש′-טרי′-פאיל) זומפ=טריפאל אדער ביטער=גראז [א מין גראז מיט דרייענדיגע בלעטלעך און ווייסע בליטהען. וואקסט אין זומפיגע ערטער. איהרע ביטערע בלעטלעך ווערען געברויכט אין מעדיצין].

mar′shy *a.* (מאר′-שי) זומפיג; וואס איז שייך צו א זומפ אדער בלאטע; וואס וואקסט אין א זומפיגען ארט.

marsu′pia *n.* (מאר-סיו′-פי-א) בייטלען. ז. *marsupium*.

marsu′pial *a. and n.* (מאר-סיו′-פי-על) וואס האט א זעקעל אדער בייטעל [וועגען געוויסע בייטעל=חיות]; וואס איז שייך צום בייטעל ביי די בייטעל=חיות; איינע פון די בייטעל=חיות. ז. *Marsupialia*.

Marsupia′lia *n.* (מאר-סיו-פי-איי′-לי-א) די בייטעל=טהיערע [מינים זויג=טהיערע, וועלכע צייכנען זיך אויס דערמיט, וואס די נקבה האט אויף׳ן בויך א מין זעקעל אדער בייטעל, אין וועלכען זי טראגט איהרע קינדער, ווי די קענגורו א. ד. ג.].

marsupia′lian *a. and n.* (מאר-סיו-פי-איי′-לי-ען) ז. *marsupial*.

marsu′pian *a. and n.* (מאר-סיו′-פי-ען) ז. *marsupial*.

Marsupia′ta *n.* (מאר-סיו-פי-איי′-טא) ז. *Marsupialia*.

marsu′piate *a. and n.* (מאר-סיו′-פי-אייט) ז. *marsupial*.

marsu′piated *a.* (מאר-סיו′-פי-איי-טעד) וואס האט א בייטעל. ז. *marsupial*.

marsu′pium *n.* (מאר-סיו′-פי-אם) אין אלטען רוים — א בייטעל, בעזונדערס אזא, וועלכען עס פלעגט האלטען דער גאט מערקור, אלס סימבאל פון פראפיט; אין מעדיצין — אן איינהילונג אדער בייטעל צו ווארימען א קערפער=גליעד; דער בייטעל פון די בייטעל=טהיערע. ז. *Marsupialia*.

mart *n. and v.* (מארט) א מארק, א האנדעלס=פלאץ; האנדלען, פערהאנדלען.

mar′tel *n.* (מאר′-טעל) א האמער, וואס ווערט בענוצט אלס א געוועהר.

mar′teline *n.* (מאר′-טע-לין) א קליינער האמער, וואס ווערט בענוצט פון סקולפטארען און מארמאר=ארבייטער.

mar′ten *n.* (מאר′-טען) א מארדער [א קליין רויב=חיה׳לע מיט א לאנגען עק און זעהר טייערען פוטער. צו דיעזען מין געהערען אויך סויבלען]. ז. *pine-marten*.

mar′text *n.* (מאר′-טעקסט) א טעקסט=פערדארבער, איינער וואס ציטירט פאלש טעקסטען; א בעל=דרשן אן עם=הארץ.

mar′tial *a.* (מאר′-שעל) קריעגעריש, מיליטעריש; וואס איז שייך צו מלחמה אדער מיליטער.

Mar′tial *a.* (מאר′-שעל) וואס איז שייך צו מארס [דער גאט פון מלחמה אין אלטען רוים]; וואס איז שייך צום פלאנעט מארס.

mar′tialism *n.* (מאר′-שעל-איזם) א קריעגערישער אדער מיליטערישער כאראקטער אדער גייסט.

mar′tialist *n.* (מאר′-שעל-איסט) א קריעגער, א מענש פון מיליטער, א סאלדאט.

mar′tialize *v.* (מאר′-שעל-איז) מאכען קריעגעריש אדער מיליטעריש.

mar′tial law (מאר′-שעל לאה) קריעגס=צושטאנד [ווען א לאנד, א געגענד אדער א שטאדט איז אונטערגעווארפען אונטער מיליטער=געזעצען און די הערשונג איז איבערגעגעבען אין די הענד פון מיליטערישע קאמאנדירען].

mar′tially *adv.* (מאר′-שעל-אי) אויף א קריעגערישען אדער מיליטערישען אופן.

mar′tial mu′sic (מאר′-שעל מיו′-זיק) מיליטער=מוזיק.

mar′tialness *n.* (מאר′-שעל-נעס) דאס זיין קריעגעריש אדער מיליטעריש.

Mar′tian *a.* (מאר′-שען) וואס איז שייך צו מארס׳ען [דער גאט פון מלחמה ביי די אלטע רוימער]; קריעגעריש; וואס איז שייך צום פלאנעט מארס.

mar′tin *n.* (מאר′-טין) א מין שוואלב, ביי וועלכער די ביידע שפיצען פון עק זיינען ניט אזוי לאנג ווי ביי א געוועהנליכער שוואלב; אן אינסטרומענט צו מאהלען אדער פאלירען שטיינער.

mar′tinet *n.* (מאר′-טי-נעט) א מין שוואלב. ז. *martin*.

martinet′ *n.* (מאר-טי-נעט′) א שטרענגער אפיציער; א קאמאנדיר, וועלכער האלט זיינע סאלדאטען אין א שטרענגער דיסציפלין; א פעדאנט, א מקפיד אויף יעדער קלייניגקייט.

martinet′ism *n.* (מאר-טי-נעט′-איזם) די אנווענדונג פון א שטארקער און שטרענגער דיסציפלין; די מעטאדען פון א שטרענגען אפיציער; דאס זיין א פעדאנט, דאס מקפיד זיין אויף יעדער קלייניגקייט.

mar′tingal *n.* (מאר′-טינ-געל) ז. *martingale*.

mar′tingale *n.* (מאר′-טינ-גייל) אין א פערד=געשפאן — דער מארטינגאל אדער שפרונג=רימען [דער רימען וואס ציהט זיך פון צוים אונטען און פערבינדט זיך אויף׳ן בויך מיט דעם זאטעל=פאס, כדי דאס פערד זאל ניט ווארפען אין דער הויך מיט׳ן קאפ]; אויף א זעגעל=שיף — א שטאנג, וואס שטעהט ווערטיקאל אונטער דער אנגעבויגענער פאדערשטער מאסט און צו וועלכען עס בינדען זיך צו די ענדען פון דריי=עקיגען פאדערשטען זעגעל; אן ארט קארטען=שפיעל, וואו אין קאן ווערט געשטעלט אין צווייען מעהר איידער די סומע וואס איז פערשפיעלט געווארען.

mart′let *n.* (מארט′-לעט) ז. *martinet*.

mar′tyr *n. and v.* (מאר′-טיר) א מארטירער, איינער וואס איז דערהרג׳עט געווארען אויף קדוש=השם, איינער וואס ווערט געפייניגט פאר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען; איינער וואס ליידעט פאר זיין אידעע; א מענש וואס האט פיעל צרות; א פייניגונגס=אינסטרומענט פון די אלטע צייטען, מיט וועלכען מען פלעגט א מענשען דערדריקען ביז צום טויט; א הילצערנער קאסטען, אין וועלכען מען קוועטשט אויס וויינטרויבען; מאטערען, פייניגען; טויטען מיט א מיתה=משונה פאר אנגעהעריגקייט צו אן אנדער גלויבען.

mar′tyrdom *n.* (מאר′-טיר-דאם) דאס זיין א מארטירער; א מארטירער=טויט; דאס שטארבען אויף קדוש=השם; יסורים; פייניגונג.

martyriza′tion *n.* (מאר-טיר-אי-זיי′-שאן) דאס אנטהאן יסורים; דאס מאכען פאר א מארטירער; דאס זיין א מארטירער.

mar′tyrize *v.* (מאר′-טיר-איז) מאכען פאר א מארטירער; פייניגען; אנטהאן יסורים.

martyrolog′ical *a.* (מאר-טיר-א-לאדזש′-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער געשיכטע אדער לעבענס=בעשרייבונג פון מארטירער.

martyrol′ogist *n.* (מאר-טי-ראל′-א-דזשיסט) איינער וועלכער שרייבט די געשיכטע פון מארטירער.

martyrol'ogy *n.* (מאר-טי-ראל'-א-דזשי) מארטיראלאגיע, די געשיכטע פון מארטירער, די לעבענס=בעשרייבונג פון די מענשען וואס זיינען אומגעקומען אויף קדוש=השם.

mar'tyrship *n.* (מאר'-טיר-שיפ) דאס זיין א מארטירער.

mar'tyry *n.* (מאר'-טיר-אי) דאס ארט וואו איינער איז גע'הרג'עט געווארען אויף קדוש=השם; דער קבר פון א מארטירער.

ma'rum *n.* (מיי'-ראם) ז. ***marram***

mar'vel *n. and v.* (מאר'-ווענ) א וואונדערליכע זאך; א וואונדער; בעוואונדערונג; ערשטוינונג; וואונדערען זיך; ווערען פערוואונדערט; בעוואונדערען.

mar'vellous *a.* (מאר'-ווע-לאס) ז. ***marvelous***

mar'vellously *adv.* (מאר'-ווע-לאס-לי) ז. ***marvelously***

mar'vellousness *n.* (מאר'-ווע-לאס-נעס) ז. ***marvelousness***

mar'vel-mon'ger *n.* (מאר'-וועל-מאנ'-גער) איינער וועלכער דערצעהלט אדער שרייבט וואונדערליכע מעשות.

mar'vel-of-Peru' *n.* (מאר'-וועל-אוו-פע-רוה') די וואונדער=בלום [א פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די טראפישע לענדער פון אמעריקא. איהרע רויטע, ווייסע אדער געלבע בלומען, וועלכע זיינען עהנליך צו א לייקע, עפענען זיך אין א טרוקענעם וועטער און נור צו דער נאכט].

mar'velous *a.* (מאר'-ווע-לאס) וואונדערליך, וואונדערבאר, ערשטוינענד, אונגלויבליך.

The growth of the United States has been truly marvelous.

mar'velously *adv.* (מאר'-ווע-לאס-לי) אויף א וואונדערליכען אדער אונגלויבליכען אופן; צום שטוינען, איבערנאטירליך.

mar'velousness *n.* (מאר'-ווע-לאס-נעס) וואונדערליכקייט, וואונדערבארקייט; דאס זיין ערשטוינענד אדער אונגלויבליך.

Marx'ism *n.* (מארקס'-איזם) מארקסיזם, די סאציאלאגישע און עקאנאמישע לעהרען פון דעם גרינדער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם קארל מארקס [1818—1883]. דיעזע לעהרען בעשטעהען אין פאלגענדען: דער הויפט=באדען, אויף וועלכען עס בויט זיך יעדע געזעלשאפט, זיינען די עקאנאמישע בעציהונגען, אויף וועלכע עס וואקסען אויס די פאליטישע און סאציאלע איינריכטונגען, דאס רעכט און געזעצגעבונג, די מאראל און רעליגיאן, די פילאזאפיע און וויסענשאפט. דער עקאנאמישער געבוי פון דער מאדערנער געזעלשאפט בעשטעהט אין דעם, וואס אלע רייכטימער ווערען בעטראכט אלס סחורות, וועלכע מען קען קויפען און פערקויפען. דער ווערטה פון יעדער סחורה ווערט בעשטימט דורך דער מאס פון געזעלשאפטליך=נויטיגער ארבייט וואס ווערט אנגעווענדעט אין איהר פראדוקציאן. דער ארבייטער=קלאס, וועלכער ארבייט אויס אלע רייכטימער, בעזיצט ניט די ארבייטס=מיטלען, ווי פאבריקען, מאשינען א. ז. וו., וועלכע זיינען נויטיג צו דער פראדוקציאן, און דעריבער איז ער געצוואונגען צו פערקויפען זיין ארבייטס=קראפט צו די קאפיטאליסטען, וועלכע נעהמען צו א וויכטיגען טייל פון דעם ווערטה, וואס די ארבייטער בעשאפען.

Marx'ian *a.* (מארק'-סי-ען) וואס איז שייך צו קארל מארקס אדער צו מארקסיזם. ז. ***Marxism***

Marx'ist *n.* (מארקס'-איסט) א מארקסיסט, אן אנהענגער פון מארקסיזם. ז. ***Marxism***

ma'ry-bud *n.* (מיי'-רי-באד) ז. ***marigold***

marzia'le *a.* (מאר-טסי-א'-לע) אין מוזיק — קריעגעריש; מיליטעריש.

mas *n.* (מעס) אין זאאלאגיע און באטאניק — א מאנסביל, א פלאנצע אדער בעשעפעניש פון מענער=געשלעכט.

mas'caro *n.* (מעס'-קע ראו) א מין פארב, מיט וועלכער אקטיארען פארבען זיך די ברעמען.

mas'cot *n.* (מעס'-קאט) א זאך, וועגען וועלכער מען מיינט, אז זי ברייננט הצלחה; א מענש, וועגען וועלכען מען גלויבט, אז זיין אנוועזענהייט ברייננט גליק.

mas'cular *a.* (מעס'-קיו-לאר) וואס איז שייך צו שטויב=פעדים [מענליכער ארגאן ביי פלאנצען].

mas'culine *a. and n.* (מעס'-קיו-לין) וואס איז שייך צו א מאנספערזאן; וואס האט אייגענשאפטען פון א מאנספערזאן; מענליך, שטארק, ענערגיש; וואס איז שייך צו די שטויב=פעדים [מענליכער ארגאן פון פלאנצען]; אין גראמאטיק — וואס איז שייך צום מין זכר; דער מין זכר; א ווארט פון מין זכר.

mas'culineness *n.* (מעס'-קיו-לין-נעס) מענליכקייט.

mas'culine rimes (מעס'-קיו-לין ראימז) מענליכע גראמען. ז. ***male rimes***

masculin'ity *n.* (מעס-קיו-לינ'-אי-טי) דאס מענליכע; דאס בעלאנגען צום מענליכען געשלעכט.

mash *n. and v.* (מעש) א געמיש, א קאשע; קלייען=וואסער; מאלץ געמישט מיט וואסער; א מין האמער, מיט וועלכען מען צוקלאפט קויהלען; א געליעבטער אדער געליעבטע; מישען, מאכען א קאשע; עפעס צושטויסען, צוקוועטשען אדער צורייבען [ווי קארטאפעל]; פלירטען, שפיעלען זיך אין ליעבע; ווארפען ליעבע=אויגעלעך; זיין אויפגערעגט, טהאן עפעס מיט רוגזה.

mashed pota'toes (מעשט פא-טיי'-טאוז) קארטאפעל=קאשע.

mash'er *n.* (מעש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס צורייבט אדער צושטויסט; א מאשין צו צושטויסען קארטאפעל ביים טרייבען בראנפען; א פראנט; איינער וואס פלירטעוועט אדער ווארפט ליעבע=אויגעלעך.

mash'-fat *n.* (מעש'-פעט) ז. ***mashing-tub***

mash'ing *n.* (מעש'-אינג) דאס צורייבען [ווי מען צורייבט קארטאפעל]; אין ביער=ברויעריי — דאס פאנאנדערלאזען צוריבענע מאלץ אין ווארימען וואסער; די קוואנטיטעט פון מאלץ וואס איז פאנאנדערגעלאזען אין וואסער; דאס פלירטעווען, דאס מאכען ליעבע=אויגעלעך.

mash'ing-tub *n.* (מעש'-אינג-טאב) אין ביער=ברויעריי — דער צעבער אדער דאס פאס, אין וועלכען מען פיהרט פאנאנדער צוריבענע מאלץ מיט ווארימען וואסער.

mash'-tub *n.* (מעש'-טאב) ז. ***mashing-tub***

mask *n. and v.* (מעסק) א מאסקע; אזא געפלאכטענע קערבעל פון דראט וואס טהוט זיך אן אויף'ן פנים צו בעשיצען עס; דער מארעל פון פנים וואס ווערט ארונטערגענומען גלייך נאך'ן טויט; אן אנשטעל; א שוישפיעל, אין וועלכען די אקטיארען טרעטען ארויס אין מאסקען; א מאסקאראד; איינער וועלכער טראגט א מאסקע, א פערמאסקירטער מענש; אין מיליטער — א מין שוץ=וואנד צו פערשטעלען א באטאריי; פערמאסקירען; פערדעקען דאס פנים מיט א מאסקע; אין מיליטער — פערבארגען א באטאריי פון הארמאטען דורך א הינטער=שוץ=וואנד; טראגען א מאסקע.

mas'kalonge *n.* (מאס'-קע-לאנדזש) א גרויסער העכט וואס געפינט זיך אין די אזערעס און טייכען פון נארד=אמעריקא.

mask'-ball *n.* (מעסק'-באהל) א מאס=קאראדען=באל.

masked *a.* (מעסקט) מאסקירט, פערמאסקירט.

mas'ker *n.* (מעס'-קער) א מענש אין א מאסקע [ווי אויף א מאסקאראדען=באל].

mas'king-piece *n.* (מעס'-קינג-פיעס) א טעאטער=דעקאראציע, וואס ווערט געברויכט צו פערשטעלען עפעס.

mas'king *n.* (מעס'-קינג) דאס טראגען א מאסקע [ווי אויף א מאסקאראדען=באל].

mas'kinonge *n.* (מעס'-קי-נאנדזש) ז. ***maskalonge***

ma'son *n.* (מייסן) א מויערער; א שטיין=ארבייטער; א פריי=מויערער [א מיטגליעד פון דעם פריי=מויערער=ארדען]. ז. ***freemason***

mason'ic *a.* (מע-סאנ'-איק) וואס איז שייך צו די פריי=מויערער. ז. ***freemason***

mason'ic hall (מע-סאנ'-איק האהל) ז. ***masonic lodge***

mason'ic lodge (מע-סאנ'-איק לאדזש) א פערזאמלונגס=זאאל אדער א געזעלשאפט פון פריי=מויערער. ז. ***freemason***

ma'sonry *n. and a.* (מיי'סן-רי) מויערווערק, מויער=ארבייט; שטיין=ארבייט; פריי=מויעריי; מויער=מאטעריאל; געמויערט.

ma'sonwork *n.* (מיי'סן-הווארק) מויעריי; שטיין=ארבייט.

Mas'ora *n.* (מעס'-א-רא) די מסורה [א רייהע פון ווערטער, טעמים און טראפ, וועלכע שרייבען זיך אין דער תורה ניט גראמאטיקאליש, נאר לויט דער פאדערונג פון דער אלטער טראדיציאן].

Masoret'ic *a.* (מעס-א-רעט'-איק) וואס איז שייך צו דער מסורה. ז. ***Masora***

Mas'orite *n.* (מעס'-א-ראיט) איינער פון די בעלי המסורה [פון תנ"ך]; איינער וועלכער שטודירט די מסורה. ז. ***Masora***

masque *n. and v.* (מעסק) ז. ***mask***

mas'quer *n.* (מעס'-קער) ז. ***masker***

masquerade' *n. and v.* (מעס-קע-רייד') א מאסקאראד; דאס פערמאסקירען אדער פערשטעלען זיך; מאסקאראד=קליידונג; געהן אין מאסקאראד=קליידונג, זיך מאסקירען.

masquera'der *n.* (מעס-קע-ריי'-דער) איינער וואס טראגט א מאסקע; איינער אדער עפעס וואס איז פערמאסקירט אדער פערשטעלט.

mass *n. and v.* (מעס) א מאסע, א סך, א הויפען, א נעדרענג; אויסבילדען א מאסע; די מעסע [אן ארט קאטוילישער קירכען=דיענסט]; די קירכען=מוזיק פון דער מעסע; צוזאמענקלייבען אין א גרופע אדער הויפען; אבריכטען אין קירך א מעסע.

Mass. ***Massachusetts*** אבקירצונג פון [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

mas'sa *n.* (מעס'-א) אין אמעריקא — א נעגערשער אויסדרוק פאר *master* [בעל-הבית, הערר].

mas'sacre *n. and v.* (מעס'-ע-קער) א בלוט-באד; א שחיטה; א פאגראם; אומברייננען; מאכען א שחיטה.

massage' *n. and v.* (מע-סאזש') מאסאזש [א מעטאדע אין היילען געוויסע קראנקהייטען, וועלכע בעשטעהט אין רייבען דעם קערפער אדער טיילען פון איהם מיט די הענד אדער מיט געוויסע אינסטרומענטען]; מאכען מאסאזש, מאסאזשירען, מאסירען; היילען דורך מאסאזש.

massa'gist *n.* (מע-סא'-זשיסט) א מאסאזשיסט, איינער וואס מאכט מאסאזש. ז. *massage*

mass'-book *n.* (מעס'-בוק) דער סדור תפילות אין די קאטוילישע קירכען.

masse'ter *n.* (מע-סי'-טער) דער קיי-מוסקול [דער מוסקול, דורך וועלכען דאס מויל קען זיך עפענען און פערמאכען].

masseter'ic *a.* (מעס-אי-טער'-איק) וואס איז שייך צום קיי-מוסקול. ז. *masseter*

masse'terine *a.* (מע-סי'-טער-אין) ז. *masseteric*

masseur' *n.* (מע-סויר') א מאסאזשיסט.

mas'sicot *n.* (מעס'-אי-קאט) בליי-געלב [אזא פולווער וואס ווערט געמאכט פון דעם אויבערשטען הייטעל פון געשמאלצענעם בליי. ווערט בענוצט אין פארב].

massif' *n.* (מע-סיף') דער מאסיוו, די צענטראלע בערג-מאסע, דער הויפט טייל פון א רייה בערג.

mas'siness *n.* (מעס'-אי-נעס) דאס זיין אין א גרויסער אדער דיקער מאסע; שווערקייט; דיקקייט; פעסטקייט.

mas'sive *a.* (מעס'-איוו) מאסיוו, סאליד, שווער, דיק; פעסט; וואס בעלאנגט צו דער גאנצער מאסע אדער כלל [ניט ספעציעל, לאקאל אדער טיילוויין]; אין מינעראלאגיע — מאסיוו, וואס האט ניט קיין בעשטימטע קריסטאל-פארמען; אין געאלאגיע — האמאגען, גלייכפערמיג, אהן בעזונדערע אויסגעלענטע שיכטען [וועגען דעם געבוי פון געוויסע בערג-מאסען].

mas'sively *adv.* (מעס'-איוו-לי) אויף א מאסיווען אדער סאלידען שטייגער.

mas'siveness *n.* (מעס'-איוו-נעס) מאסיווקייט; דיקקייט, געדיכטקייט, שווערקייט.

mass'-mee'ting *n.* (מעס'-מיע'-טינג) אן עפענטליכע פערזאמלונג וואו יעדער איינער ווערט צוגעלאזען.

Mas'sora *n.* (מעס'-א-רא) ז. ***Masora***

Massoret'ic *a.* (מעס-א-רעט'-איק) ז. ***Masoretic***

Mas'sorite *n.* (מעס'-א-ראיט) ז. ***Masorite***

mass'-priest *n.* (מעס'-פריעסט) א קאטוילישער גלח, וועלכען מען דינגט ספעציעל צו האלטען א מעסע אדער גאטעסדיענסט פאר א קראנקען, געשטארבענעם א. ד. ג.

mass'y *a.* (מעס'-אי) וואס בעשטעהט פון א מאסע אדער מאסען; מאסיוו, גרויס, שווער.

mast *n. and v.* (מעסט) א מאסט פון א שיף; א הויכער שטאנג; אן אייכעל-נוס אדער חזיר-נוס [די פרוכט פון א דעמב]; ארויפשטעלען א מאסט, בעזארגען מיט מאסטען; קארמענען חזירים מיט חזיר-ניסלעך.

mastadeni'tis *n.* (מעס-טעד-ע-נאי'-טיס) אין מעדיצין — די ענטצינדונג פון די ברוסט-דריזען [ביי א פרויענצימער].

mastal'gia *n.* (מעס-טעל'-דזשי-א) אין מעדיצין — א וועהטאג אין ברוסט [ביי א פרויענצימער].

mas'ted *a.* (מעס'-טעד) מיט מאסטען [וועגען א שיף].

mas'ter *n., a. and v.* (מעס'-טער) א בעל-הבית, א בעזיצער, א הערשער; א הערר, א יונגער הערר, א אינגעל פון די העכערע געזעלשאפטליכע קלאסען; א קענער, א געלעהרטער, א מאגיסטער; א לעהרער, א שול-לעהרער; א מייסטער, א גוטער בעל-מלאכה; דער אויפזעהער איבער די ארבייטער אין א פאבריק; דער שטורמאן אויף א קריעגס-שיף; דער טיטול פון א דירעקטאר, קאמאנדיר אדער פערוואלטער; וואס דיענט אלס עלטערער אדער אנפיהרער; וואס האט די פאלשטענדיגע קענטנים פון א זאך; וועלכער איז א מייסטער פון עפעס; הערשען; בעהערשען עפעס, בעקומען די איבערהאנד; געוועלטיגען; בייקומען א שוועריגקייט, דערגרייכען צו א געוויסען ציעל; ווערען דער הויפט פון עפעס; ווערען א מייסטער.

mas'ter-at-arms' *n.* (מעס'-טער-עט-ארמז') אן אונטער-אפיציער אויף א שיף, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט די ארעסטירטע און אויך די ארדנונג אין די שלאף-קאיוטען].

mas'ter atten'dant (מעס'-טער ע-טענ'-דענט) א האפען-מייסטער, דער געהילף פון הויפט-אויפזעהער איבער א האפען [אין ענגלאנד].

mas'ter buil'der (מעס'-טער ביל'-דער) אן ארכיטעקטאר; א בוימייסטער; א פאדריאדטשיק וואס דינגט ארבייטער צו בויען א געביידע.

mas'ter chord (מעס'-טער קאהרד) אין מוזיק — דער הויפט אקארד אדער הארמאנישע צוזאמענגיסונג פון טענער אין דער דאמינאנטע. ז. ***dominant***

mas'terdom *n.* (מעס'-טער-דאם) די מאכט פון א מייסטער אדער בעל-הבית; הערשונג; געוועלטיגונג.

mas'terful *a.* (מעס'-טער-פול) 1. וואס האט דעם כאראקטער אדער די איינגעשאפטען פון א בעל-הבית אדער הערשער; הערשעריש, געוואלטזאם; 2. מייסטערהאפט.

1. Theodore Roosevelt is a **masterful** personality.

mas'terfully *adv.* (מעס'-טער-פול-אי) ווי א בעל-הבית; מעשה הערשער; אויף א מייסטערהאפטען אופן.

mas'terfulness *n.* (מעס'-טער-פול-נעס) דאס זיין ווי א בעל-הבית אדער הערשער; געוואלטזאמקייט; מייסטערהאפטיגקייט.

mas'ter gun'ner (מעס'-טער גאנ'-ער) אן אונטער-אפיציער אין ארטילעריע.

mas'terhood *n.* (מעס'-טער-הוד) מייסטערשאפט; דאס זיין א מייסטער, א בעל-הבית, א הערשער א. ד. ג.

mas'ter in chan'cery (מעס'-טער אין טשענ'-סע-רי) א בעאמטער אין א גערעכטיגקייטס-געריכט. ז. ***court of chancery***

mas'ter-key *n.* (מעס'-טער-קיע) א שליסעל, וואס קען עפענען עטליכע פערשיעדענע שלעסער; אן אלגעמיינער שליסעל אדער אנצייגער ווי אזוי ארויסצוגעהן פון פערשיעדענע שוועריגקייטען; אן אנווייזער ווי אזוי צו לעזען פערשיעדענע פראבלעמען.

mas'terless *a.* (מעס'-טער-לעס) אהן א הערר, אהן א בעל-הבית; פריי פון וועלכער ניט איז קאנטראל; וואס לאזט זיך ניט בעהערשען.

mas'terlessness *n.* (מעס'-טער-לעס-נעס) דאס ניט האבען אויף זיך קיין בעל-הבית אדער הערשער.

mas'ter-like *a. and adv.* (מעס'-טער-לאיק) מייסטערהאפט; ווי א בעל-הבית.

mas'terliness *n.* (מעס'-טער-לי-נעס) מייסטערהאפטע געשיקטקייט, טאלענט; מייסטערהאפטיגקייט, געשיקטקייט.

mas'ter-lode *n.* (מעס'-טער-לאוד) דער הויפט-אדער פון א מינעראל אין דער ערד.

mas'terly *a.* (מעס'-טער-לי) מייסטערהאפט; מייסטערליך, קונציג.

mas'ter mind (מעס'-טער מאינד) דער לייטענדער אדער הערשענדער גייסט.

Mas'ter of Arts (מעס'-טער אוו ארטס) מאגיסטער פון די פרייע קינסטע. [אן אקאדעמישער טיטול].

mas'ter of cer'emonies (מעס'-טער אוו סער'-אי-מא-ניז) א צערעמאניען-מייסטער [אין קעניגליכען הויף און ביי אנדערע צערעמאניעלע אנגעלעגענהייטען].

mas'ter of the horse (מעס'-טער אוו טהי האהרס) אין פארצייטיגען רוים — א בעאמטער בעשטימט פון דיקטאטאר אדער אונבעגרענצטען הערשער אלס זיין הויפט געהילף; דער שטאלמייסטער [איינער פון די העכסטע בעאמטע אין קעניגליכען הויף].

mas'ter of the ord'nance (מעס'-טער אוו טהי ארד'-נענס) דער קאמאנדיר איבער דער ארטילעריע אין דער ענגלישער ארמעע.

Mas'ter of the Robes (מעס'-טער אוו טהי ראובז) א בעאמטער אין קעניגליכען הויף וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די קעניגליכע מלבושים [אין ענגלאנד].

Mas'ter of the Rolls (מעס'-טער אוו טהי ראולז) דער אויבער-ארכיוואר [א ריכטער פון דעם העכסטען געריכטס-הויף אין ענגלאנד, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט אלע אפיציעלע דאקומענטען און די פראטאקאלען פון געריכטס-פיהרונג].

mas'terpiece *n.* (מעס'-טער-פיעס) א מייסטערווערק, אן אויסגעצייכענט שטיקעל ארבייט.

mas'tership *n.* (מעס'-טער-שיפ) מייסטערשאפט; הערשאפט, געוואלט; פארטרעפליכקייט; געשיקטליכקייט, פלינקייט; פאלקאמענע קענטנים.

mas'tersinger *n.* (מעס'-טער-סינ-גער) דער מייסטער-זינגער [איינער פון די דייטשע פאעטען און מוזיקאנטען, מייסטערס פויערים און בעלי-מלאכות, וועלכע האבען אין 14טען יאהרהונדערט אנגעהויבען אויסצובילדען געזעלשאפטען צו ענטוויקלען זייער קונסט].

mas'ter's mate (מעס'-טערז מייט) אין די אמאליגע אמעריקאנישע קריעגס-שיפען — אן אונטער-אפיציער, וואס האט געדיענט אלס געהילף פון שטורמאן.

mas'ter-spring *n.* (מעס'-טער-ספרינג) די הויפט פרושינע פון א מאשין.

mas'ter-stroke *n.* (מעס'-טער-סטראוק) 1. א קונציגעס שטיקעל ארבייט, א געשיקטער, מייסטערהאפטער אויפטהו אדער

איינפאל; 2. אין קונסט — א מייסטער-שטריך, די הויפט אדער וויכטיגסטע ליניע אין א בילד.

1. The statement issued by the President was a master-stroke of politics.

mas'ter-touch *n.* (מעס'-טער-טאטש) די צולעגונג פון א קינסטלער-האנד, אן ארטיסטישער שטריך אדער פערענדיגונג פון א זאך.

mas'terwork *n.* (מעס'-טער-הוואירק) ז. *masterpiece*.

mas'terwort *n.* (מעס'-טער-הוואירט) די מייסטער-ווארצעל [א מין אייראפעאישע און אמעריקאנישע פלאנצע, וואס איהר אראמאטישער ווארצעל דיענט אלס אויפרעגונגס-מיטעל].

mas'tery *n.* (מעס'-טער-אי) הערשאפט, געוועלטיגקייט, הערשונג, קאנטראל, מאכט; מייסטערהאפטיגקייט; מייסטערשאפט, פאכמאנשאפט.

mast'ful *a.* (מעסט'-פול) פול מיט חזיר-ניסלעך [די פרוכט פון א דעמב און אייניגע אנדערע בוימער].

mast'head *n. and v.* (מעסט'-העד) דער שפיץ פון א מאסט [פון א שיף]; איינער וואס געפינט זיך אויף'ן שפיץ פון א מאסט; ארויפציהען אדער ארויפשטעלען עפעס אויף'ן שפיץ פון מאסט; בעשטראפען א מאטראז דערמיט, וואס מען שיקט איהם אויף א בעשטימטער צייט אויף'ן שפיץ פון א מאסט.

mast'-house *n.* (מעסט'-האוס) א פלאץ וואו מען טריקענט חזיר-ניסלעך [די פרוכט פון א דעמב און אייניגע אנדערע בוימער].

mas'tic *n. and a.* (מעס'-טיק) מאסטיק [א מין גלעבליכע גומי אדער פעך וואס טריפט פון די מאסטיק-בוימלעך, וועלכע וואקסען אין די לענדער ארום דעם מיטעללענדישען ים]; דער מאסטיק-בוים; א מין ליקער פון אויסגעפרעסטע וויינטרויבען געמישט מיט מאסטיק [ווערט פיעל געברויכט אין טערקיי און גריכענלאנד]; א מין וואפנע אדער צעמענט, וואס ווערט געברויכט ביים מויערען שטיינערנע ווענד; קלעפיג; קלעפענד, ווי מיט גומי אדער מאסטיק.

mas'ticable *a.* (מעס'-טי-קעבל) וואס קען צוקייעט ווערען.

mas'ticate *v.* (מעס'-טי-קייט) קייען; פאנאנדערקייען עפעס.

mastica'tion *n.* (מעס-טי-קיי'-שאן) דאס קייען; דאס צורייבען אדער פאנאנדערקייען.

mas'ticator *n.* (מעס'-טי-קיי-טאר) אייער אדער עפעס וואס צוקייעט; א מאשינקע וואס צוהאקט אדער צורייבט א שטיקעל פלייש, כדי מענשען מיט שוואכע צייהנער זאלען עס קענען צוקייען; א מאשין צו רייניגען גוטא-פערטשא.

mas'ticatory *n. and a.* (מעס'-טי-קיי-טא-רי) א קייי-מיטעל; א רפואה, וועלכע מען קייעט אבער מען דערשלינגט ניט; וואס קען ווערען געקייעט; וואס איז שייך צום קייען.

mas'tich *n.* (מעס'-טיק) מאסטיק. ז. *mastic*.

mas'tic-tree *n.* (מעס'-טיק-טריע) א מין בוים פון וועלכען מען בעקומט מאסטיק. ז. *mastic*.

mas'tiff *n.* (מעס'-טיף) א גרויסער הונד; א קייט-הונד.

masti'tis *n.* (מעס-טאי'-טיס) די ענטצינדונג פון די ברוסט-דריזען [ביי א פרויענצימער].

mast'less *a.* (מעסט'-לעס) אהן מאסטען [וועגען א שיף]; אהן אייכעלען, אהן חזיר'שע ניסלעך [וועגען א דעמבע].

mas'todon *n.* (מעס'-טא-דאן). א מאסטאדאן, א מין עלעפאנט, וועלכער האט עקזיסטירט אין די פארהיסטארישע צייטען [זיינע ביינער און גאנצע סקעלעטען געפינען זיך אין דער ערד אין פערשיעדענע טיילען פון דער וועלט].



Mastodon

mastodyn'ia *n.* (מעס-טא-דינ'-אי-א) שמערץ אין די ברוסט-דריזען [ביי פרויען].

mas'toid *a. and n.* (מעס'-טאיד) ענליך צו א ברוסט-ווארצעל, אין דער פארם פון א ברוסט-ווארצעל; אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צום שלייף-ביין הינטער'ן אויער, וועלכער האט די פארם פון א ברוסט-ווארצעל; די נאפעל-פערמיגע ארויסשטארצונג פון שלייף-ביין הינטער'ן אויער.

mastoidi'tis *n.* (מעס-טאי-דאי'-טיס) אין מעדיצין — די ענטצינדונג פון שלייף-ביין הינטער'ן אויער. ז. *mastoid*.

mas'toid proc'ess (מעס'-טאיד פראס'-עס) אין אנאטאמיע — די נאפעל-פערמיגע ארויסשטארצונג אדער אנוואקסונג פון שלייף-ביין הינטער'ן אויער.

mastol'ogy *n.* (מעס-טאל'-א-דזשי) די לעהרע אדער וויסענשאפט וועגען זויגטהיערע.

Mastozo'a *n.* (מעס-טא-זאו'-א) דער מין זויג-טהיערע.

mast'-tree *n.* (מעסט'-טריע) איינער פון די בוימער, פון וועלכע מען מאכט מאסטען פאר שיפען.

mas'turbate *v.* (מעס'-טויר-בייט) זיך זעלבסט בעפלעקען, פראקטיצירען אנאניזם. ז. *masturbation*.

masturba'tion *n.* (מעס-טויר-ביי'-שאן) זעלבסט-בעפלעקונג, אנאניזם; די בעפריעדיגונג פון דער געשלעכטליכער ליידענשאפט אויף א קינסטליכען וועג.

masturba'tional *a.* (מעס-טויר-ביי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו זעלבסט-בעפלעקונג, וואס איז שייך צו אנאניזם. ז. *masturbation*.

mas'turbator *n.* (מעס'-טויר-ביי-טאר) אן אנאניסט, איינער וואס בעפריעדיגט זיינע געשלעכטליכע ליידענשאפטען אויף א קינסטליכען וועג.

mas'turbatory *a.* (מעס'-טויר-ביי-טא-רי) וואס איז שייך צו אנאניזם אדער בעפריעדיגונג פון די געשלעכטליכע ליידענשאפטען אויף א קינסטליכען וועג.

mas'ty *a.* (מעס'-טי) פול מיט אייכעלען אדער חזיר-ניסלעך.

mat *n., v. and a.* (מעט) א מאטע, א ראגאזשע; א געפלעכט פון פלאנצען און בוימלעך ביי א טייך-ברעג [אלס א גרעבליע]; עטוואס וואס איז געדיכט און דיק [ווי פלאנצען אדער האר]; א מאטראץ; א פאספארטו [א דיק פאפיער מיט אן אויסשניט אין מיטען פאר דעם בילד אין א בילד-ראהם]; אין האפטונג — די נעדיכטע טיילען; מאטקייט [אין קאליר]; אונפאלירטקייט; אן אינסטרומענט צו מאכען מעטאל מאט; בעדעקען מיט מאטען אדער ראגאזשעס; מאכען ענליך צו מאטען, צוזאמענדרעהען, צוזאמענפלאנטערען; זיך געדיכט צוזאמענוואקסען אדער צוזאמענפלעכטען; מאכען מעטאל אויסזעהן מאט און אונפאלירט; מאט, ניט פאלירט, אהן גלאנץ.

matador' *n.* (מעט-ע-דאור') א מאטאדאר [אין אקסען-קאמפף — דער יעניגער וואס טויטעט דעם אקס וועלכער ווערט פערוואונדעט אין קאמפף]; איינער וואס טויטעט; א מאטאדאר-קארט [א הויפט-קארט אין אייניגע שפיעלען].

mat'afund *n.* (מעט'-ע-פאנד) ז. *matafunda*.

matafun'da *n.* (מעט-ע-פאנ'-דא) א פארצייטיגע מיליטערישע מאשין צו ווארפען שטיינער.

mat'-braid *n.* (מעט'-ברייד) געדיכטע שווערע טאשמעס [בענדלעך].

match *n. and v.* (מעטש) א חבר; איינער אדער עטוואס פון א פאר; איינער וואס איז א גלייכער צו א צווייטען; א גלייכען; א הייראטס-פארטיי, א שדוך; א פאר; א פארונג, א פעראייניגונג; א וועט-קאמפף; א שוועבעלע; א צינד-שנור פון א קאנאן; פעראייניגען, פארען; צופאסען; זיין גלייך צו איינעם אדער עפעס; זיין אימעצענס גלייכען; זיין פון דערזעלבער קראפט, פעהיגקייט א. ד. ג.; פערהייראטען; רייניגען א כלי דורך אנצינדען אין איהר שוועבעלעך.

match'able *a.* (מעטש'-עבל) פאסענד, ענטשפרעכענד, ווי אנגעמאסטען, גלייך [אין כאראקטער, אויסזעהן, פעהיגקייט א. ז. וו.].

match'ableness *n.* (מעטש'-עבל-נעס) פאסינקייט; אנגעמאסטענקייט; דאס זיין גלייך [אין קראפט, פעהינקייטען, אויסזעהן א. ז. וו.].

match'-board *n.* (מעטש'-באורד) א צונויפשליסונגס-ברעט [א ברעט וואס פאסט זיך איין אין אנדערע, פון איין זייט מיט א שפונד וואס ווערט אויסגעשניטען אין דעם ברעט גופא, און פון דער צווייטער זייט דורך אן אויסשניט, אין וועלכען עס נעהט אריין א שפונד פון אן אנדער ברעט].

Match-boards

match'-boar'ding *n.* (מעטש'-באור'-דינג) א וואנד-בעשלאג געמאכט פון צונויפשליסונגס-ברעטער. ז. *match-board*.

match'-box *n.* (מעטש'-באקס) א שוועבעלעך-קעסטעלע; א רעהרעל, אין וועלכען מען פלעגט אמאל פערשטעלען דאס פייער וואס מען פלעגט נויטיג האבען פאר די קרעמען-ביקסען. ז. *matchlock*.

match'-cloth *n.* (מעטש'-קלאהטה) א מין גראבער וואלענער שטאף.

match col'ors (מעטש קאל'-ארז) צופאסען קאלירען, אבקלייבען קאלירען וואס זאלען הארמאנירען.

מען גלויבט, אז זי ווערט בעאיינפלוסט פון איבערנאטירליכע גייסטער און קרעפטען; אין פיזיק—דער עטהער אדער עפיר, וועלכער דיענט אלס טרעגער פון ליכט און ווארעמקייט; יעדע זאך, ווי לופט א. ד. ג., וועלכע דיענט אלס ספערע אדער סביבה, אין וועלכער עס קענען פארקומען געוויסע ערשיינונגען; אין מאלעריי — יעדע פליסיגקייט, ווי וואסער, אויל, לאק, אין וועלכע מען מישט אוים די פארבען; דאס מיטעל, דורך וועלכען עפעס ווערט בעווירקט, א הילפס־מיטעל; אין מאטעמאטיק — דאס אריפמעטישע מיטעל אדער די דורכשניטליכע צאהל, דער רעזולטאט וואס בעקומט זיך פון צוטיילען די סומע פון עטליכע צאהלען אויף זייער צאהל [ווי למשל דאס אריפמעטישע מיטעל פון 3 צאהלען 15, 8 און 25 בעקומט זיך ווען מען צוטיילט זייער סומע, ד. ה. 48 אויף זייער צאהל, ד. ה. אויף 3. דאס אריפמעטישע מיטעל אדער די דורכשניטליכע צאהל וועט אלזא זיין 16]; אין לאגיק — דער מיטעל־זאץ פון א סילאגיזם [א סילאגיזם אדער שלוס־פאלגערונג בעשטעהט געוועהנליך פון 3 זעצע, ווי למשל: 1) אברהם איז א מענש: 2) יעדער מענש מוז שטארבען; 3) פאלגליך, אברהם וועט מוזען שטארבען]; דאס מעדיאן פאפיער [א זארט פאפיער פון 23x18 צאל]; א מיטעלמעסיגע זאך, עפעס פון מיטעלמעסיגער גרויס, וואוקס א. ד. ג.; מיטעלמעסיג; דורכשניטליך.

mediumis'tic *a.* (מי-די-אם-איס'-טיק) וואס איז שייך צו מעדיומיסטישע אדער ספיריטיסטישע ערשיינונגען [ווי דאס טאנצען פון שטוהלען און בכלל די אלע געהיימניספאלע ערשיינונגען, אין וועלכע די ספיריטיסטען גלויבען].

me'diumship *n.* (מי'-די-אם-שיפ) דאס זיין א מעדיום אדער פערזאן, אויף וועלכער עס ווירקען געהיימניספאלע איבערנאטירליכע גייסטער און קרעפטע [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

me'dium-sized *a.* (מי'-די-אם-סאיזד) פון א מיטעלמעסיגער אדער דורכשניטליכער מאס.

Medlar

med'lar *n.* (מעד'-לאר) דער מיספעל [א קליינע פרוכט, וואס האט די פארם פון א קליינעם ברוינעם עפעל. די פרוכט עסט מען און מען פרעגעלט זי ווען זי הויבט אן אביסעל פוילען]; דער מיספעל־בוים.

med'lar-tree *n.* (מעד'-לאר-טריע) דער מיספעל־בוים [דאס קליינע בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסען מיספעלען]. ז. *medlar*

med'ley *n. and a.* (מעד'-לי) א געמיש, א געמישעכץ; א מיש־מאש; א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן וואס בעשטעהט פון בעזונדערע שטיקלעך, א פאפורי; צייג אדער שטאף וואס איז געוועבט פון וואל, וועלכע מען האט געפארבט אין פערשיעדענע פארבען פאר'ן שפינען; געמישט, אויסגעמישט.

Médoc' *n.* (מע-דאק') מעדאק [א זארט זעהר גוטער רויטער בארדא־וויין].

medul'la *n.* (מי-דאל'-א) דער אינוועניגסטער טייל פון אן ארגאן: דער מארך פון ביינער; דער רוקען־מארך; דער אינוועניגסטער טייל אדער דאס הערצעל פון האר; דאס הערצעל פון א פלאנצע.

medul'la oblonga'ta (מי-דאל'-א אב-לאנ-גיי'-טא) דער הינטערשטער טייל פון'ם קאפ־מארך וואס איז פעראייניגט מיט'ן רוקען־מארך.

medul'lar *a.* (מי-דאל'-ער) ז. *medullary*

med'ullary *a.* (מעד'-א-לע-רי) מארכיג, וואס געהערט צום מארך; פון מארך; וואס איז שייך צום הערצעל פון א פלאנצע.

Medu'sa *n.* (מי-דיו'-סא) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — מעדוזא, איינע פון די דריי שוידערליכע שוועסטער מיט שלאנגען אויף'ן קאפ אנשטאט האר [ז. *Gorgon*]; אין זאאלאגיע—די מעדוזע, איינע פון די מינים ווייכע ים־חיה'לעך. ז. *acaleph*

meed *n.* (מיעד) א לוין, א בעלוינונג; א מתנה; כאבאר.

meek *a. and v.* (מיעק) מילד, געלאסען, ווייך, זאנפט. זאנפטמוטיג; וואס ניט זיך אונטער; וואס לאזט זיך בויגען; עניוות'דיג, קליין ביי זיך; זיך אונטערגעבען; זיין מילד אדער געלאסען; מאכען הכנעה'דיג, מאכען מילד.

meek'-eyed *a.* (מיעק'-איד) מיט מילדע אדער זאנפטע אויגען.

meek'ly *adv.* (מיעק'-לי) אויף א מילדען, זאנפטען אדער ווייכען אופן; מיט אונטערגעגעבענהייט; מיט הכנעה.

meek'ness *n.* (מיעק'-נעס) מילדקייט, ווייכקייט, גוטסקייט, זאנפטמוטיגקייט, עניוות.

meer'schaum *n.* (מיער'-שאהם) מעערשוים [א מין ווייסער, ווייכער און לייכטער מינעראל, פון וועלכען מען מאכט טאבאק־ליולקעס אדער פיפקעס. געפינט זיך אין איטאליען, גריכענלאנד, קליין־אזיען און קרים]; א טאבאק־ליולקע אדער פיפקע געמאכט פון מעער־שוים.

meer'schaum pipe (מיער'-שאהם פאיפ) א טאבאק־ליולקע אדער פיפקע געמאכט פון מעער־שוים. ז. *meerschaum*

meet *v., n. and a.* (מיעט) בעגעגנען; זיך טרעפען פנים אל פנים; זיך אנשטויסען אויף אימעצען אדער עפעס; זיך בעהעפטען; צוקומען, דערגרייכען עפעס; זיך צוזאמענשטויסען; בעפריעדיגען א פאדערונג, ערפילען א פערלאנג; ענטפערען אויף א טענה אדער פארוואורף; זיך צוזאמענקומען, זיך פערזאמלען; געגענזייטיג זיך צופאסען; צוזאמענשטימען, זיין אין אנקלאנג; א צוזאמענקלייבונג פון יעגער; דאס ארט וואו די יעגער קלייבען זיך צונויף; פאסענד; צוגעפאסט; וואס שיקט זיך; וואס לאזט זיך טרעפען; אנגענעהמליך.

mee'ter *n.* (מיע'-טער) דער וועלכער בעגעגנט, א בעגעגנער; איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פערזאמלונג.

meet half'-way (מיעט האפ'-הוויי) בעגעגנען זיך אין האלב־וועג; געהן איינער נעגען אנדערען; אויסגלייכען זיך אדער קומען צו א פשרה דורך מאכען איינער דעם אנדערען הנחות.

mee'ting *n.* (מיע'-טינג) א מיטינג, א פערזאמלונג, אן אסיפה; א צוזאמענטרעפונג; א צוזאמענגיסונג [פון טייכען]; א בעהעפטונג; א פעראייניגונג; א פיינדליכע צוזאמענקונפט, א דועל.

mee'ting-house *n.* (מיע'-טינג-האוס) א געבעט־הויז, א בית־תפילה, א קירך; אין ענגלאנד — א געבעט־הויז פון דיסידענטען.

meet'ly *adv.* (מיעט'-לי) פאסענדיג; צוגעפאסטערהייד.

meet'ness *n.* (מיעט'-נעס) דאס זיין צוגעפאסט; טויגבארקייט; צוגעפאסטקייט.

meet one's match (מיעט הוואנז מעטש) אנטרעפען א גלייכען צו זיך.

meet one's responsibil'ity (מיעט הוואנז רי-ספאנ-סי-ביל'-אי-טי) טהאן זיין חוב.

meet the eye (מיעט טהי אי) בעמערקט ווערען; זיך לאזען זעהן.

meet togeth'er (מיעט טו-געטה'-ער) זיך בעגעגנען, זיך צוזאמענטרעפען.

meet with (מיעט הוויטה) פעראייניגען זיך; צושטעהן צו א קאמפאניע אדער געזעלשאפט; אנטרעפען אויף עפעס אונערווארטעטעס; ליידען עפעס, אריבערטראגען יסורים; זיך נעגענשטעלען.

meet with an ac'cident (מיעט הוויטה ען עק'-סי-דענט) נעטראפען ווערען פון א צופאל אדער אונגליק.

meet with a refus'al (מיעט הוויטה ע רי-פיוז'-על) קריעגען אן ענטפער אויף ניין; אבגעזאגט ווערען.

meet with a repulse' (מיעט הוויטה ע רי-פאלס') כאפען אן אבשניט; צוריקגעשטויסען ווערען.

megac'erous *a.* (מי-געס'-ע-ראס) וואס האט זעהר גרויסע הערנער [ווי דער הירש וואס האט זיך געפונען אין די אוראלטע צייטען אין אירלאנד].

meg'acosm *n.* (מעג'-ע-קאזם) דער וועלט־אל, די וועלט אין גאנצען. ז. *macrocosm*

meg'aderm *n.* (מעג'-ע-דוירם) זעהר א גרויסע אויסטראלישע פלעדערמויז; א מין אינדישע פלעדערמויז.

meg'adont *a.* (מעג'-ע-דאנט) וואס האט גרויסע צייהנער.

meg'adyne *n.* (מעג'-ע-דאין) א מעגאדין, א קראפט־איינהייט וואס ענטהאלט א מיליאן דינען. ז. *dyne*

meg'aerg *n.* (מעג'-ע-אוירג) א מעגאערג, א מאס־איינהייט וואס ענטהאלט א מיליאן ערג. ז. *erg*

meg'afarad *n.* (מעג'-ע-פער-עד) א מעגאפאראד, אן עלעקטרישע איינהייטס־מאס וואס ענטהאלט א מיליאן פאראד. ז. *farad*

meg'alerg *n.* (מעג'-ע-לוירג) ז. *megaerg*

meg'alith *n.* (מעג'-ע-ליטה) א מעגאליט, א גרויסער שטיין; איינער פון די גרויסע שטיינער, מיט וועלכע עס זיינען געוועזן געבויט די פארצייטינע ציקלאפישע געביידען. ז. *Cyclops*

megalith'ic *a.* (מעג-ע-ליטה'-איק) וואס בעשטעהט אדער וואס איז געבויט פון מעגאליטען אדער זעהר גרויסע שטיינער [ווי די ציקלאפישע געביידען אין אלט־גריכענלאנד]. ז. *Cyclops*

megaloma'nia *n.* (מעג-ע-לא-מיי'-ני-א) מעגאלאמאניע, די מאניע אדער משוגעת פון גרויסקייט [אזא משוגעת, ביי וועלכער דער קראנקער איז איינגעגלויבט, אז ער איז אונגעהויער גרוים און מעכטיג].

megaloma'niac *a. and n.* (מעג-ע-לא-מיי'-ני-עק) וואס איז שייך צו מעגאלאמאניע; איינער וואס ליידט פון מעגאלאמאניע. ז. *megalomania*

megalomani'acal *a.* (מעג-ע-לא-מע-נאי'-ע-קעל) וואס איז שייך צו אדער וואס ליידט פון מעגאלאמאניע. ז. *megalomania*

megalop'sia *n.* (מעג-ע-לאפ'-סי-א) מעגאלאפסיע, אן אוננארמאליטעט פון אויג, ביי וועלכער אלע זאכען ווייזען זיך אויס פיעל פערגרעסערט.

megalosau'rian *a. and n.* (מעג-ע-לא-סאה'-רי-ען) וואס האט דעם כאראקטער פון א מעגאלאזאורוס; א מעגאלאזאורוס. ז. ***Megalosaurus***

Megalosau'rus *n.* (מעג-ע-לא-סאה'-ראס) דער מעגאלאזאורוס [א מין ניגאנטישער פלייש-פרעסענדער רעפטיל פון די אוראלטע צייטען. זיינע ביינער געפינט מען אין פערשיעדענע בערג-שיכטען].



Megalosaurus

meg'aphone *n.* (מעג'-ע-פאון) א מעגאפאן [אן אפאראט וואס ווערט בענוצט פון טויבע צו הערען. ווערט אויך בענוצט צו לאזען הערען די שטימע פון א ווייטער שטרעקע].



Megaphone

Mega'rian *a.* (מע-גיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו מעגארא [א שטאדט אין אלט-גריכענלאנד, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר בעריהמטער פילאזאפישער שוהל]. ז. ***Megarian school***

Mega'rian school (מע-גיי'-רי-ען סקוהל) א פילאזאפישע שוהל, וועלכע עס האט געגרינדעט אייקלידאס, סאקראטעס'עס א תלמיד, אין דער שטאדט מעגארא אין אלט-גריכענלאנד. די פילאזאפען פון דיזער שוהל האבען געלערענט, אז די מאטעריעלע וועלט האט ניט קיין רעאלע עקזיסטענץ און די איינציגע רעאליטעט איז די טוגענד. דיזע שוהל האט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט איהר סאפיסטישען פלפול און האט זיך גערופען די דיאלעקטישע שוהל.

meg'ascope *n.* (מעג'-ע-סקאופ) א מעגאסקאפ, א פאטאגראפישער אפאראט, וואס ווארפט אב א בילד פון א זאך אין א פערגרעסערטער געשטאלט; א מין שפאקטיוו צו בעטראכטען גרויסע אדער פערגרעסערטע זאכען.

megascop'ic *a.* (מעג-ע-סקאפ'-איק) מעגאסקאפיש, וואס מען קען זעהן מיט'ן בלויזען אויג אהן דער הילף פון א פערגרעסערונגס-גלאז [אין געגענזאץ צו מיקראסקאפיש].

megascop'ical *a.* (מעג-ע-סקאפ'-אי-קעל) ז. ***megascopic***

megascop'ically *adv.* (מעג-ע-סקאפ'-אי-קעל-אי) מיט'ן בלויזען אויג; אהן דער הילף פון א פערגרעסערונגס-גלאז.

megathe'rium *n.* (מעג-ע-טהי'-רי-אם) דער מעגאטעריום [א גיגאנטישע חיה פון די אורעלטע צייטען, וועמעס ביינער און סקעלעטען מען געפינט פערשטיינערט אין די בערג-שיכטען פון דרום-אמעריקא. דיזע חיה איז געווען ענהליך צו דעם פויל-טהיער פון היינטיגער צייט].



Megatherium

me'grim *n.* (מי'-גרים) [א מין מיגרען קאפ-שמערץ]. ז. ***hemicrania***

meis'tersänger *n.* (מאיס'-טער-סענג-ער) ז. ***mastersinger***

meis'tersinger *n.* (מאיס'-טער-סינג-ער) ז. ***mastersinger***

meizoseis'mal *a. and n.* (מאי-זא-סאיס'-מעל) וואס איז שייך צו דער שטארקסטער קראפט פון אן ערד-שטויס בעת אן ערד-ציטערניש; א ליניע וואס פעראייניגט די נעאגראפישע פונקטען, וואו אן ערד-ציטערניש האט זיך נעפיהלט אם שטארקסטען.

me ju'dice (מי דזשוה'-די-סי) לויט מיין מיינונג; ווערליג מיין פערשטאנד.

melancho'lia *n.* (מעל-ען-קאו'-לי-א) מעלאנכאליע, מרה-שחורה; א גייסטיגע קראנקהייט, ביי וועלכער דער קראנקער פיהלט זיך אויף דעם העכסטען אופן בעטריבט, דערשלאגען און אהן שום מוטה.

melancho'liac *n.* (מעל-ען-קאו'-לי-עק) א מעלאנכאליקער, איינער וואס ליידט פון מעלאנכאליע.

melancho'lian *a. and n.* (מעל-ען-קאו'-לי-ען) מעלאנכאליש; א מעלאנכאליקער.

melanchol'ic *a. and n.* (מעל-ען-קאל'-איק) מעלאנכאליש, שווער-מוטיג, מרה-שחורה'דיג, אומעדיג; א מעלאנכאליקער; איינער וואס ליידט פון מעלאנכאליע.

melanchol'ically *adv.* (מעל-ען-קאל'-אי-קעל-אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה-שחורה'דיגען אופן.

mel'ancholiness *n.* (מעל'-ען-קאל-אי-נעס) דאס זיין מעלאנכאליש אדער מרה-שחורה'דיג.

melancho'lious *a.* (מעל-ען-קאו'-לי-אס) מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג; בעטריבט; שווערמוטיג.

mel'ancholy *n. and a.* (מעל'-ען-קאל-אי) מעלאנכאליע, מרה-שחורה; אומעדיגקייט; שווערמוטה; וואס איז שייך צו מעלאנכאליע; מעלאנכאליש; בעטריבט; אומעדיג; טרויעריג.

mel'ancoly *n. and a.* (מעל'-ען-קאל-אי) ז. ***melancholy***

mélange' *n.* (מיי-לאנזש') א געמיש.

mel'anism *n.* (מעל'-ע-ניזם) מעלאניזם, אן אוננארמאלע ענטוויקלונג פון שווארצען פארב-שטאף אין דער פעל אדער הויט פון חיות און אין די פעדערען פון פויגלען.

melanis'tic *a.* (מעל-ע-ניס'-טיק) וואס האט מעלאניזם; מיט א צו-שווארצען קאליר פון דער הויט אדער פון די פעדערען. ז. ***melanism***

mel'anite *n.* (מעל'-ע-נאיט) דער מעלאניט אדער שווארצער גראנאט [א מין מינעראל].

melanit'ic *a.* (מעל-ע-ניט'-איק) וואס איז שייך אדער וואס איז ענהליך צו א מעלאניט אדער שווארצען גראנאט. ז. ***melanite***

mel'anoid *a.* (מעל'-ע-נאיד) וואס זעהט אויס שווארץ אדער טונקעל.

melano'sis *n.* (מעל-ע-נאו'-סיס) מעלאנאזע [א קרענקליכער צושטאנד ווען אין געוויסע טיילען פון קערפער קלייבט זיך אן צופיעל שווארצע פארב-שטאף].

melanot'ic *a.* (מעל-ע-נאט'-איק) וואס ליידט פון מעלאנאזע. ז. ***melanosis***

mêlée' *n.* (מיי-ליי') א מאסען-געשלעג, א געשלעג, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל פיעל פערזאנען.

mel'ic *a.* (מעל'-איק) וואס איז פערפאסט צום זינגען; וואס דארף געזונגען ווערען [ווענען געווישער פאעזיע].

Melic-grass

mel'ic-grass *n.* (מעל'-איק-גרעס) פערל-גראז [אזא מין גראז].

mel'ilot *n.* (מעל'-אי-לאט) די האניג-קלעע [א גרויגעלבעם גראז מיט געלבע בליטהען. דאס גראז און די בליטהען האבען א האניגזאפט און ציהען צו זיך די ביענען].

me'linite *n.* (מי'-לינ-איט) מעלינים [א געווויסער שטארקער אויפרייסענדער שטאף].

me'liorate *v.* (מי'-ליא-רייט) פערבעסערען; זיך פערבעסערען; ווערען אויסגעבעסערט.

meliora'tion *n.* (מי-ליא-ריי'-שאן) די פערבעסערונג; דאס פערבעסערען זיך.

me'liorator *n.* (מי'-ליא-ריי-טאר) דער פערבעסערער.

me'liorism *n.* (מי'-ליא-ריזם) מעליאריזם, די לעהרע, אז די וועלט איז ניט די בעסטע און ניט די ערגסטע און זי קען ווערען בעסער, ווען מען זאל אנווענדען געוויסע פראקטישע מיטלען [מעליאריזם פערנעהמט א מיטעל-פלאץ צווישען אפטימיזם און פעסימיזם].

me'liorist *n. and a.* (מי'-ליא-ריסט) א מעליאריסט, אן אנהענגער פון מעליאריזם; וואס איז שייך צו מעליאריזם. ז. ***meliorism***

melioris'tic *a.* (מי-ליא-ריס'-טיק) וואס איז שייך צו מעליאריזם. ז. ***meliorism***

melior'ity *n.* (מי-ליאר'-אי-טי) בעסערקיים; דאס זיין בעסער.

Melis'sa *n.* (מי-ליס'-א) די מעליסא אדער ציטראן-מענטע [א מין אראמאטישע גראזען מיט ווייסע בליטען. וואקסען אין דרום-אייראפא און ווערען געברויכט אלס פאטראווע צום עסען. מיט זיי רייבט מען אויך אן די וועגטלעך פון א ביענשטאק כדי צוצוציהען די ביענען].

mel'ley *n.* (מעל'-אי) א מאסען-געשלעג, א געשלעג, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל פיעל פערזאנען; א טורניר אדער וועט-קאמפף, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל מעהר ווי צוויי פערזאנען.

mel'lic *a.* (מעל'-איק) האניגדיג; וואס איז שייך צו האניג.

mellif'erous *a.* (מע-ליפ'-ע-ראס) וואס גיט האניג [ווי א פלאנצע]; וואס מאכט האניג [ווי א ביען].

mellif'ic *a.* (מע-ליפ'-איק) וואס מאכט אדער פראדוצירט האניג.

mellifica'tion *n.* (מעל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס מאכען האניג.

mellif'luence *n.* (מע-ליפ'-לו-ענס) אן אויסגוס אדער שטראם פון זיסע טענער; זיסקייט, הארציגקייט [ווענען א מעלאדיע, א גערעדט א. ד. ג.].

mellif'luent *a.* (מע-ליפ'-לו-ענט) האניג-זיס, אנגענעהם; וואס קלינגט שעהן; וואס איז זיס ווי האניג [ווענען א שטימע, א מעלאדיע א. ד. ג.].

mellif'luently *adv.* (מע-ליפ'-לו-ענט-לי) מיט א זיס-קלינגענדער שטימע.

mellif'luous *a.* (מע-ליפ'-לו-אס) טריפענד ווי האניג, זיס, הארציג [ווענען א שטימע, מעלאדיע א. ד. ג.].

mellif'luously *a.* (מע-ליפ'-לו-אס-לי) ז. ***mellifluently***

melli'go *n.* (מע-לאי'-גאו) האניג-טהוי. ז. ***honeydew***

mellil'oquent *a.* (מע-ליל'-א-קהווענט) וואס רעדט זיס און אנגענעהם.

mellisu'gent *a.* (מעל-אי-סיו'-דזשענט) וואס זויגט האניג; האניג-זויגענד [ווענען געוויסע פויגלען און אינזעקטען].

mel'lit *n.* (מעל'-איט) קרעציגקייט אויף'ן פוס פון א פערד, וועלכע מען היילט מיט א זאלב פון האניג און עסיג.

mel'litate *n.* (מעל'-אי-טייט) א כעמישע זאלץ וואס בעקומט זיך פון מעליטזויערע. ז. ***mellitic acid***

mel'lite *n.* (מעל'-איט) דער מעליט אדער האניג-שטיין [א זעלטענער מינעראל וואס האט א געלבען האניג-קאליר].

mellit'ic *a.* (מע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו אדער וואס האט זיך בעקומען פון מעליט אדער האניג-שטיין. ז. ***mellite***

mellit'ic ac'id (מע-ליט'-איק עס'-איד) מעליט-זויערע [א ביטערער כעמישער שטאף וואס בעקומט זיך פון מעליט אדער האניג-שטיין. ער לאזט זיך לייכט פאנאנדער אין וואסער אדער אלקאהאל און קריסטאליזירט זיך אין דער פארם פון דינע נאדלען].

melli'tous *a.* (מע-לאי'-טאס) געמישט מיט האניג.

melliv'orous *a.* (מע-ליוו'-א-ראס) וואס עסט האניג; וואס ערנערהרט זיך מיט האניג [ווי געוויסע אינזעקטען].

mel'lone *n.* (מעל'-און) א מין געלבער פולווער, וואס בעקומט זיך דורך א כעמישער פערבינדונג פון קוהלען-שטאף מיט שטיק-שטאף [קארבאן און אזאט].

mel'low *a. and v.* (מעל'-או) ווייך, צייטיג, רייף [ווענען פרוכטען]; ווייך, ליימיג [ווי ווייכע ערד]; ווייך, זאנפט, זיס-קלינגענד [פאר'ן געהער]; געשמאק, אנגענעהם, מיט א זיסען טעם; ליעבליך, צארט, אנגענעהם [פאר'ן אויג]; וואס האט דעם אויסזעהן פון א רייפער, צייטיגער זאך; פערפאלקאמט; אין פולען לעבען; מונטער; גוט-געשטימט; בגלופין; אין א פרעהליכער שטימונג, שכור'ליך; ווייך אדער רייף מאכען; צייטיג ווערען; מאכען אדער ווערען פאלקאם, ליעבליך, אנגענעהם, זאנפט אדער געשמאק.

mel'lowly *adv.* (מעל'-א-לי) ווייכליך, צייטיג; אויף א זיסען, זאנפטען אדער אנגענעהמען שטייגער; בערוישט, בעטרונקען.

mel'lowness *n.* (מעל'-א-נעס) ווייכקייט; צייטיגקייט; רייפקייט; צארטקייט; זאנפטקייט; אנגענעהמקייט.

mel'lowy *a.* (מעל'-א-אי) ווייך, צייטיג; זאנפט, צארט, אנגענעהם; בערוישט, בעטרונקען.

Melocac'tus *n.* (מעל-א-קעק'-טאס) דער רונדער קאקטוס [אן אמעריקאנער פלאנצע מיט א ברייטען, רונדען, קוגעלפערמיגען שטאם און מיט אייניגע ברייטע און רונדע קעפ, פול מיט בלומען און בליטהען, וועלכע האלטען זיך אויף צילינדער-פערמיגע שטענגלעך].

Melocactus

mel'ocoton *n.* (מעל'-א-קאט-אן) דער קוויט-בוים [אן אריענטאלישער בוים מיט עסבארע געלבע פרוכטען, וועלכע זיינען עהנליך צו בארנעס]; די פרוכט פון דעם קוויט-בוים; א מין גרויסער פערסיק [אן אריענטאלישע פרוכט מיט א דיקער ווייכער פעל און מיט א גרויסען ביינדעל ווי פון א פלוים].

mel'ocotoon *n.* (מעל'-א-קא-טוהן) ז. ***melocoton***

melo'deon *n.* (מע-לאו'-די-אן) א מעלאדיאן [א מוזיקאלישער אינסטרומענט, וואס בעשטעהט פון א קליין קעסטעל מיט א זיך דרעהענדען מעטאלענעם וואליק און א צייהניגער מעטאלענער פלאטע. דער וואליק איז אנגעזעצט מיט קליינע שטיפטעלעך, און בעת ער דרעהט זיך, בעריהרען די שטיפטעלעך פון וואליק די צייהנדלעך פון דער פלאטע. יעדע אזעלכע בעריהרונג פראדוצירט א מוזיקאלישען טאן אדער קלאנג].

melod'ic *a.* (מע-לאד'-איק) מעלאדיש; וואס איז שייך צו מעלאדיע.

melod'ically *adv.* (מע-לאד'-אי-קעל-אי) מעלאדיש; מיט א ניגון.

melod'ico *a.* (מע-לאד'-אי-קאו) אין מוזיק — מעלאדיש, ווייך [ווענען א צייכען אדער אנווייזונג אין די נאטען ווי אזוי א געוויסע מוזיקאלישע שטיק דארף געשפיעלט ווערען].

melod'icon *n.* (מע-לאד'-אי-קאן) א מעלאדיקאן, א מין אלטפערנקישער פארטעפיאן, אין וועלכען אנשטאט דראטענע סטרונעס זיינען געווען שטאהלענע פלאטען אדער ריטלעך.

melod'ics *n.* (מע-לאד'-איקס) מעלאדיקע, דער טייל פון מוזיקאלישער וויסענשאפט, וועלכער בעהאנדעלט די פראגע ווענען מעלאדיע.

melo'diograph *n.* (מע-לאו'-די-א-גרעף) ז. ***melograph***

melo'dion *n.* (מע-לאו'-די-אן) א מעלאדיאן, אן אלטפערנקישער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט א קלאוויאטור, וועלכער פלעגט שפיעלען דורך א סעריע שטאהלענע פלאטען, וואס פלעגען בעריהרט ווערען דורך א זיך-דרעהענדען צילינדער.

melo'dious *a.* (מע-לאו'-די-אס) מעלאדיש, מוזיקאליש, שעהן-קלינגענד; וואס פראדוצירט מעלאדישע טענער.

melo'diously *adv.* (מע-לאו'-די-אס-לי) אויף א מעלאדישען אדער שעהן-קלינגענדער אופן.

melo'diousness *n.* (מע-לאו'-די-אס-נעס) דאס זיין מעלאדיש.

mel'odise *n.* (מעל'-א-דאיז) ז. ***melodize***

mel'odist *n.* (מעל'-א-דיסט) איינער וואס פערפאסט אדער זינגט מעלאדיעס; א זאמלונג פון מעלאדיעס.

melo'dium *n.* (מע-לאו'-די-אם) ז. ***melodeon***

mel'odize *v.* (מעל'-א-דאיז) מאכען מעלאדיש; פערפאסען אדער זינגען מעלאדיען.

melodra'ma *n.* (מעל-א-דרא'-מא) א מעלאדראמא, א דראמא מיט א ראמאנטישען אינהאלט, וואו די סצענען און בילדער זיינען שטארק איבערטריבען און אוננאטירליך און בעצוועקען צו ריהרען שטארק די געפיהלען פון די צושויער; א מוזיקאלישע דראמא.

melodramat'ic *a.* (מעל-א-דרע-מעט'-איק) מעלאדראמאטיש, וואס איז שייך צו מעלאדראמא. ז. ***melodrama***

melodramat'ical *a.* (מעל-א-דרע-מעט'-אי-קעל) ז. ***melodramatic***

melodramat'ically *adv.* (מעל-א-דרע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א מעלאדראמאטישען שטייגער; מיט אן איבערטריבענער, אוננאטירליכער ארט רעדען אדער האנדלונג.

melodram'atist *n.* (מעל-א-דרעמ'-ע-טיסט) איינער וואס שרייבט מעלאדראמען. ז. ***melodrama***

mel'odrame *n.* (מעל'-א-דרעם) ז. ***melodrama***

mel'ody *n.* (מעל'-א-די) א מעלאדיע, א זיסער ניגון.

mel'ograph *n.* (מעל'-א-גרעף) א מעלאגראף, אן עלעקטרישער אפאראט, דורך וועלכען עס ווערט פערצייכענט אויף א לאנגען פאפיער יעדער טאן און יעדער אינטערוואל פון א שטיק, וואס ווערט געשפיעלט אויף דער פיאנא. דיעזע פערצייכנונגען ווערען דערנאך אויסגעשניטען און מיט דער הילף פון דיעזען פאפיער קען מען דאס שטיק ווידער איבערשפיעלען אויף א פיאנאלא.

mel'omane *n.* (מעל'-א-מיין) א מעלאמאן, איינער וואס האט א ליידענשאפטליכע ליעבע צו מוזיק.

meloma'nia *n.* (מעל-א-מיי'-ני-א) מעלאמאניא, א ליידענשאפטליכע ליעבע צו מוזיק.

meloma'niac *n.* (מעל-א-מיי'-ני-עק) ז. ***melomane***

mel'omany *n.* (מעל'-א-מיי-ני) ז. ***melomania***

mel'on *n.* (מעל'-אן) א מעלאן, א וואסער-מעלאן, א קאווען; א געוויסער טייל פון קאפ ביי אייניגע פיש, פון וועלכען מען ציהט ארויס טראן.

mel'on-bed *n.* (מעל'-אן-בעד) א בייט פערזייהט מיט קאווענעס.

mel'on-blub'ber *n.* (מעל'-אן-בלאב'-ער) דער טראן אדער פעטקייט פון וואלפיש.

mel'on-cac'tus *n.* (מעל'-אן-קעק'-טאס) ז. ***Melocactus***

mel'on-ground *n.* (מעל'-אן-גראונד) לאנד פערזייהט מיט קאווענעס.

mel'oniform *a.* (מעל'-אן-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א מעלאן אדער קאווען.

mel'on-oil *n.* (מעל'-אן-אויל) פיש-טראן. ז. ***melon***

mel'on-pit *n.* (מעל'-אן-פיט) ז. ***melon-bed***

mel'on-shaped *a.* (מעל'-אן-שייפט) מעלאנענפערמיג, עהנליך אין פארם צו א קאווען.

mel'on-this'tle *n.* (מעל'-אַנ-טהיסל) דער קאַוואַן⸗קאַקטוס [אַזאַ מין קיילעכדיגער קאַקטוס]. ז. *Cactaceæ*

mel'on-tree *n.* (מעל'-אַנ-טריע) דער פּאַפּאַיאַ⸗בוים. ז. *papaw*

mel'ophone *n.* (מעל'-אַ-פאָון) אַ מעלאָפאָן, אַ מין קאָנצערטינאַ. ז. *concertina*

melophon'ic *a.* (מעל-אַ-פאַנ'-איק) מוזיקאַליש; וואָס איז שייך צו מוזיק אָדער מוזיק⸗שפּיעל.

mel'ophonist *n.* (מעל'-אַ-פאָו-ניסט) אַ מעלאָדיען⸗זיננער.

mel'oplast *n.* (מעל'-אַ-פּלעסט) אַ סיסטעם צו לערנען מוזיק פאַר אַנפאַנגער [וואו די שווערערע און מעהר קאָמפּליצירטע נאָטען זיינען אַרויסגעלאָזען].

mel'oplasty *n.* (מעל'-אַ-פּלעס-טי) אין כירורגיע — דאָס צונעהען אַנדער פלייש צו אַ באַק [פון וועלכער דאָס פלייש איז אַרונטערגעריסען געוואָרען].

melopœ'ia *n.* (מעל-אַ-פּיע'-יאַ) ז. *melodics*

Melpom'ene *n.* (מעל-פּאָמ'-ע-ניע) מעלפּאָמענע [אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע — די מוזע פון געזאַנג און מוזיקאַלישער האַרמאָניע און פון דער טראַגעדיע]; דער נאָמען פון אַ געוויסען פּלאַנעטאָיד אָדער אַסטעראָיד [קליינע פּלאַנעטען וואָס געפינען זיך צווישען די קרייזוועגען פון די פּלאַנעטען מאַרס און יופּיטער].

Melpomene

mel'rose *n.* (מעל'-ראָוז) רויזען⸗האָניג [אַ געמיש פון האָניג, רויזענבלומען⸗שטויב און אַלקאָהאָל].

melt *v. and n.* (מעלט) 1. שמעלצען; צעגאַנאַנדערלאָזען; צונויפשמעלצען; זיך שמעלצען, זיך צונויפשמעלצען, זיך פאַנאַנדערלאָזען; 2. מאַכען ווייך, צאַרט אָדער עמפּפינדליך; ווערען ווייך, צאַרט אָדער עמפּפינדליך; 3. זיך צוזאַמענשמעלצען, אונבעמערקט איבערגעהן אין אַן אַנדער צושטאַנד; 4. שוואַך ווערען; 5. אונטערגעהן, פערשווינדען; 6. שמעלצונג; דאָס רינען פון צושמאָלצענעם מעטאַל; דער מעטאַל אין אַ שמעלץ⸗טאָפּ אָדער שמעלץ⸗אויווען.

1. The snow **melted**. 2. We **melted** under his oratory. 3. The twilight **melted** into morn. 4. Their hearts **melted** from fear.

mel'table *a.* (מעל'-טעבל) שמעלצבאַר, וואָס מען קען שמעלצען.

melt away' (מעלט ע-הוויי') פערשווינדען.

All the inhabitants of Canaan shall **melt away**.

melt down (מעלט דאַון) איינפאַלען אין געוויכט ביים שמעלצען.

mel'ter *n.* (מעל'-טער) אַ שמעלצער; אַ רעגיערונגס⸗בעאַמטער וואָס גיט אַכטונג אויף'ן שמעלצען פון גאָלד און זילבער פאַר מטבעות; אַ טיגעל, אַ שמעלץ⸗טאָפּ, אַ שמעלץ⸗אויווען.

mel'ting *a.* (מעל'-טינג) שמעלצענד, זיך שמעלצענד; ווייך מאַכענד, ריהרענד; ווייך, וואָס ווערט לייכט געריהרט.

mel'ting clouds (מעל'-טינג קלאַודז) פערשווינדענדע וואָלקענס.

mel'ting col'or (מעל'-טינג קאַל'-אָר) די פערשמעלצונג אָדער צוזאַמענגיסונג פון פאַרבען [אונבעמערקבאַרער איבערגאַנג פון איין פאַרב אין אַ צווייטער].

mel'ting-fur'nace *n.* (מעל'-טינג-פויר'-נעס) אַ שמעלץ⸗אויווען [אין גלאָז⸗פאַבריקען].

mel'ting la'dle (מעל'-טינג ליידל) אַזאַ מין לעפעל אָדער לעפעל⸗ענליכע כלי צו שעפּען צושמאָלצענעם מעטאַל.

mel'tingly *adv.* (מעל'-טינג-לי) דורך שמעלצונג; אויף אַ ריהרענדען אופן.

mel'ting-pan *n.* (מעל'-טינג-פּען) אַ פּלאַץ אין אַ צוקער⸗פאַבריק, וואו מען קאָכט אויס דעם צוקער⸗סיראָפּ.

mel'ting-point *n.* (מעל'-טינג-פּאָינט) דער שמעלץ⸗פּונקט [דער היץ⸗פּונקט, וואו אַ סאָלידער קערפּער, ווי אייז אָדער מעטאַל פאַנגט אָן צו שמעלצען].

mel'ting-pot *n.* (מעל'-טינג-פּאַט) 1. אַ טיגעל, אַ שמעלץ⸗טאָפּ; 2. אַ פּלאַץ, אין וועלכען עס ווערען צוזאַמענגעשמאָלצען פערשיעדענע ראַסען, פעלקער א. ז. וו.

2. America is the **melting-pot** of Europe.

melt in'to tears (מעלט אינ'-טו טיערז) געריהרט ווערען ביז טרעהרען, זיך בעגיסען מיט טרעהרען.

mel'ton *n.* (מעל'-טאַן) אַ שווערער וואָלענער שטאָף [מעהרסטענס געברויכט פאַר אויבערמאַנטלען].

mem'ber *n.* (מעמ'-בער) אַ קערפּער⸗גליעד, אַן אבר [הויפּטזעכליך די הענד, די פיס, די פליגעל און די געשלעכטס⸗גליעדער]; אַ מיטגליעד; אַ בעזונדערער טייל פון עפּעס; אַ טייל פון אַן אַלגעבראַאישער גלייכונג.

mem'ber at large (מעמ'-בער עט לאַרדזש) אַ מיטגליעד וואָס בעלאַנגט דירעקט צו אַ קערפּערשאַפט [ניט צו אַ צווייג פון דער קערפּערשאַפט].

mem'bered *a.* (מעמ'-בערד) גליעדערדיג; מיט גליעדער, וואָס האָט גליעדער.

mem'berless *a.* (מעמ'-בער-לעס) אָהן גליעדער, אָהן בעזונדערע טיילען, אונטיילבאַר, ניט קאָמפּליצירט.

Mem'ber of Con'gress (מעמ'-בער אָוו קאַנ'-גרעס) אַ קאָנגרעס⸗מיטגליעד [אַ מיטגליעד פון דעם קאָנגרעס אָדער פּאַרלאַמענט פון די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ].

mem'bership *n.* (מעמ'-בער-שיפּ) מיטגליעדערשאַפט.

mem'bra *n.* (מעמ'-בראַ) ענד⸗גליעדער אָדער זייטען⸗גליעדער [ווי פליגעל, הענד, פיס]. ז. *membrum*

mem'bral *a.* (מעמ'-ברעל) וואָס איז שייך צו אַזעלכע קערפּער⸗טיילען ווי הענד, פיס, פליגעל [אין נעגענזאַץ צו די טיילען וואָס בעלאַנגען צום רומפּ אָדער דעם קערפּער⸗טייל צווישען די הענד און די פיס].

membrana'ceous *a.* (מעמ-ברע-ניי'-שיאָס) וואָס האָט אַ הייטעל; ענליך צו אַ הייטעל.

mem'brane *n.* (מעמ'-בריין) אַ פּלעווקע, אַ דין הייטעל; אַ פעל געברויכט צום שרייבען אויף איהר [ווי פּאַרמעט].

membra'neous *a.* (מעמ-בריי'-ני-אָס) ז. *membranous*

membranif'erous *a.* (מעמ-ברע-ניפ'-ע-ראָס) וואָס האָט אַ הייטעל; וואָס פּראָדוצירט הייטלעך.

membra'niform *a.* (מעמ-בריי'-ני-פאָרם) הויטפערמיג, ווי אַ הייטעל.

membrano'sus *n.* (מעמ-בריי-נאָו'-סאָס) אַ מוסקול פון די לענדען אָדער היפּטען.

mem'branous *a.* (מעמ'-בריי-נאָס) וואָס בעשטעהט פון הייטלעך; הייטעל⸗ענליך.

mem'brum *n.* (מעמ'-בראָם) אַן ענד⸗גליעד, אַ זייט⸗גליעד [ווי אַ האַנד, פוס, פליגעל].

memen'to *n.* (מי-מענ'-טאָו) דערמאָהנונג, ערינערונג; ערינערונגס⸗צייכען; אָנדענקונגס⸗צייכען.

memen'to mo'ri (מי-מענ'-טאָו מאָו'-רי) ערינערונג אַן טויט, דערמאָהנונג אַן טויט; אַ ציערונג מיט אַן עמבלעם פון טויט.

memo. אַבקירצונג פון *memorandum*

mem'oir *n.* (מעמ'-אואַר) אַ מעמואַר, אַ שריפט מיט פאַקטען פון אייגענער פאָרשונג אָדער ערפאַהרונג; אַ קורצע אַבהאַנדלונג איבער אַ געגענשטאַנד, אַ קורצע מיטטיילונג [ווי למשל, צו אַ וויסענשאַפטס⸗געזעלשאַפט] וועגען פאַקטען פון אייגענער פאָרשונג אָדער ערפאַהרונג; אַ ביאָגראַפיע [לעבענס⸗בעשרייבונג]; אַ בוך מיט פאַקטען און ערינערונגען וועגען אַ פערשטאָרבענעם.

mem'oirism *n.* (מעמ'-אואַר-איזם) מעמואַרען⸗שרייבעריי. ז. *memoirs*

mem'oirist *n.* (מעמ'-אואַר-איסט) אַ מעמואַרען⸗שרייבער, אַ ביאָגראַף. ז. *memoirs*

mem'oirs *n.* (מעמ'-אואַרז) מעמואַרען, ערינערונגס⸗שריפטען [ביאָגראַפישע אָדער ביאָגראַפיש⸗היסטאָרישע].

memorabil'ia *n.* (מעמ-אָ-רע-ביל'-אי-אַ) געדענקווירדיגקייטען [זאַכען וואָס זיינען ווערטה צו געדענקען], מערקווירדיגקייטען; זאַכען וואָס דיענען אַלס ערינערונגס⸗צייכען, וואָס דערמאָהנען אַן עפּעס; אָנדענקונגס⸗זאַכען.

memorabil'ity *n.* (מעמ-אָ-רע-ביל'-אי-טי) ז. *memorableness*

mem'orable *a.* (מעמ'-אָ-רעבל) געדענקסווירדיג, מערקווירדיג.

mem'orableness *n.* (מעמ'-אָ-רעבל-נעס) געדענקווירדיגקייט, מערקווירדיגקייט.

mem'orably *adv.* (מעמ'-אָ-רע-בלי) אויף אַ געדענקווירדיגען אופן, אַזוי אַז מען קען עס ניט פערגעסען.

memoran'dum *n.* (מעמ-אָ-רענ'-דאָם) אַ מעמאָראַנדום, אַ נאָטיץ אָדער אַ פערצייכניס [צום געדענקען]; אין יוריספּרודענץ — אַ פערצייכניס פון די בעדינגונגען פון אַ געזעצליכען אַבמאַך; אַ דיפּלאָמאַטישער בעריכט.

memoran'dum-book *n.* (מעמ-אָ-רענ'-דאָם-בוק) אַ נאָטיץ⸗בוך.

memoran'dum check (מעמ-אָ-רענ'-דאָם-טשעק) אַ טשעק וואָס דיענט אַלס וועקסעל און מען קען אויף איהם ניט פאָדערען קיין געלד אין אַ באַנק, סיידען דער חוב ווערט ניט אַבגעצאָהלט אין אַ פאָרויס בעשטימטען טאָג [אויף אַזאַ טשעק שטעלט מען אַוועק דאָס וואָרט *memo.* וואָס איז אַן אַבקירצונג פון *memorandum*].

memoran'dum sale (מעמ-אָ-רענ'-דאָם סייל) דאָס שיקען סחורה צו איינעם אויף אַזעלכע בעדינגונגען, אַז די סחורה רעכענט זיך פאַר'ן פערקויפער'ס אייגענטום אַזוי לאַנג ווי פאַר איהר איז ניט אַבגעצאָהלט.

The goods were not sold to them. They were only sent as a **memorandum sale**.

mem'orate *v.* (מעמ'-א-רייט) פערצייכענען, נאטירען [צום געדענקען].

mem'orative *a.* (מעמ'-א-ריי-טיוו) וואס איז שייך צום זכרון; וואס פרישט אב דעם זכרון, וואס העלפט זיך צו דערמאהנען.

mem'orative pow'er (מעמ'-א-ריי-טיוו פאו'-ער) ערינערונגס־קראפט, כח הזכרון.

memo'ria *n.* (מי-מאו'-רי-א) אן ארון אדער א כלי וואו מען האלט די ביינער פון קריסטליכע היילינגע; א קלויסטער געבויט צום אנדענקען פון א קריסטליכען היילינגען.

memo'rial *a. and n.* (מי-מאו'-רי-על) וואס דיענט אלס ערינערונגס־צייכען, וואס העלפט זיך צו דערמאהנען, וואס דיענט צום אנדענקען; אן אנדענקען, אן אנדענקונגס־צייכען, אן אנדענקונגס־מתנה; א מעמאריאל, א קצור פון א געזעצליכען אבמאך; א קורצע בעשרייבונג פון פאקטען, וועלכע דיענען אלס גרונט פאר א ביטשריפט אדער פעטיציע; א דיפלאמאטישער דאקומענט.

Memo'rial day (מי-מאו'-רי-על דיי) דער אנדענקונגס־טאג אדער דעקאראציאנס־טאג. ז. ***Decoration day***.

memo'rial day (מי-מאו'-רי-על דיי) א יאהר־צייט, אן ערינערונגס־טאג.

memo'rialise *v.* (מי-מאו'-רי-על-איין) ז. ***memorialize***.

memo'rialist *n.* (מי-מאו'-רי-על-איסט) א שרייבער פון מעמאריאלען אדער ביטשריפטען. ז. ***memorial***.

memo'rialize *v.* (מי-מאו'-רי-על-איין) פערצייכנען [צום געדענקען אדער אנדענקען]; דערלאנגען א מעמאריאל אדער ביטשריפט. ז. ***memorial***.

The committee **memorialized** Congress not to restrict immigration.

memo'rial stone (מי-מאו'-רי-על סטאון) אן אנדענקונגס־שטיין אין א וואנד [צום אנדענקען פון א פערזאן אדער פאסירונג].

memo'rial-stone *n.* (מי-מאו'-רי-על-סטאון) א ווינקעל־שטיין [וואס אין זיין אויסהוילונג בעהאלט מען היסטארישע דאקומענטען].

memo'rial tab'let (מי-מאו'-רי-על טעב'-לעט) אן אנדענקונגס־פלאטע [אין א וואנד, צום אנדענקען פון א פערזאן אדער פאסירונג].

memo'ria tech'nica (מי-מאו'-רי-א טעק'-ני-קא) מעכאנישער זכרון, קינסטליכער זכרון, מנעמאניק, ז. ***mnemonics***.

memo'rious *a.* (מי-מאו'-רי-אס) וואס האט פיעל ערינערונגען; וואס איז ווערטה צו געדענקען, געדענקווירדיג.

memor'iter *adv.* (מי-מאר'-אי-טער) פון זכרון, אויף אויסווענינג.

memor'iter meth'od (מי-מאר'-אי-טער מעטה'-אד) די מעטאדע מעכאניש איינצולערנען אויף אויסווענינג.

Some facts can only be learned by the **memoriter method**.

mem'orizable *a.* (מעמ'-א-ראי-זעבל) וואס מען קען בעהאלטען אין זכרון, וואס מען קען געדענקען אדער איינלערנען אויף אויסווענינג; וואס מען קען פעראייביגען [אין געדעכנים].

memoriza'tion *n.* (מעמ-א-רי-זיי'-שאן) איינלערנונג אויף אויסווענינג.

mem'orize *v.* (מעמ'-א-ראיז) פערצייכענען אדער פערשרייבען [צו געדענקען אדער צום אנדענקען]; פעראייביגען [אין געדעכנים]; געדענקען; אויסלערנען אויף אויסווענינג.

mem'orizer *n.* (מעמ'-א-ראי-זער) איינער וואס קלאפט זיך אריין אין קאפ; איינער וואס לערענט אויף אויסווענינג.

mem'ory *n.* (מעמ'-א-רי) זכרון; געדעכנים; ערינערונג; אנדענקען.

men *n.* (מען) מענשען, לייט; מענער; מענשען־געשלעכט. ז. ***man***.

men'ace *v. and n.* (מענ'-אייס) דראהען, סטראשען; א דראהונג, א סטראשונאק.

Europe has always feared the **menace** of the Orient.

men'acement *n.* (מענ'-אייס-מענט) דראהונג.

men'acer *n.* (מענ'-אייס-ער) איינער וואס דראהעט אדער סטראשעט.

men'acingly *adv.* (מענ'-איי-סינג-לי) אויף א דראהענדען אופן; דראהענדיג.

me'nad *n.* (מי'-נעד) ז: ***mænad***.

menage' *n.* (מע-נאזש') הויז־בעל־הבת'ישקייט; פיהרונג פון הויז־בעל־הבת'ישקייט.

menage' *n.* (מע-נעדזש') א מין אונטער־האלטונגס־קלוב [פון ענגלישע און שאטלענדישע ארבייטער].

menag'erie *n.* (מע-נעדזש'-ע-רי) א מענאזשעריע, אן ארט וואו ווילדע חיות ווערען געהאלטען; א קאלעקציאן פון ווילדע חיות.

menag'erist *n.* (מע-נעדזש'-ע-ריסט) אן איינענטימער פון א מענאזשעריע. ז. ***menagerie***.

men'agogue *n.* (מענ'-ע-גאג) א מעדיצין אדער רפואה וואס רופט ארויס מענסטרואציע [דאס מאנאטליכע ביי פרויען].

mend *v. and n.* (מענד) פערריכטען, צורעכט מאכען, אויסבעסערען; פערבעסערען, בעסערען; זיך בעסערען [אין געזונד אדער אין אויפפיהרונג]; בעסערונג.

men'dable *a.* (מענ'-דעבל) וואס קען פערבעסערט ווערען, צורעכט געמאכט ווערען אדער פערריכט ווערען.

menda'cious *a.* (מענ-דיי'-שאס) ליגנעריש, פאלש.

menda'ciously *adv.* (מענ-דיי'-שאס-לי) אויף א ליגנערישען אדער פאלשען אופן.

menda'ciousness *n.* (מענ-דיי'-שאס-נעס) ליגנעריי, כזבנות, דאס זיין א ליגנער; דאס זאגען ליגען.

mendac'ity *n.* (מענ-דעס'-אי-טי) כזבנות, ליגנעריי, פאלשקייט; א ליגען.

mend a pen (מענד ע פען) פערשניצען א פעדער [א גענזענע].

men'der *n.* (מענ'-דער) א פערריכטער; א פערבעסערער.

mend fen'ces (מענד פענ'-סעז) פערריכטען די מערכה [ווענען א מיטגליעד פון אמעריקאנישען קאנגרעס, וועלכער כאפט זיך פון צייט צו צייט אראב אין זיין וואהל־בעצירק, אום צו פערזיכערען זיין ווידער־ערוועהלונג].

men'dicancy *n.* (מענ'-די-קענ-סי) בעטלעריי.

men'dicant *n. and a.* (מענ'-די-קענט) בעטלעריש, בעטלענדיג; א בעטלער, א בעטלערקע; א בעטלער־מאנאך. ז. ***mendicant orders***.

men'dicant fri'ar (מענ'-די-קענט פראי'-ער) א בעטלער־מאנאך. ז. ***mendicant orders***.

men'dicant or'ders (מענ'-די-קענט אר'-דערז) די מיטעלאלטערליכע קריסטליכע מאנאכען־ארדענס, וועלכע האבען אין אנפאנג געלעבט בלויז פון נדבות [די הויפט זיינען געוועזען: די פראנציסקאנער, דאמיניקאנער, אויגוסטינער און קארמעליטען].

mendic'ity *n.* (מענ-דיס'-אי-טי) בעטלערשאפט, בעטלעריי.

men'ding *a. and n.* (מענ'-דינג) פערריכטענדיג, פערבעסערענד; זיך בעסערענד; פעדים צום פערצירעווען [פערשטאפען]; זאכען צום פערריכטען; פערבעסערונג, פערריכטונג, צורעכט־מאכונג; זאכען אדער חפצים, וועלכע מען דארף פערריכטען.

mend one's pace (מענד הוואנז פייס) פערשנעלערען דעם גאנג.

mend one's ways (מענד הוואנז הווייז) זיך פערבעסערען אין אויפפיהרונג, ווערען לייטישער.

men'-folks *n.* (מענ'-פאוקס) די מענער, די מאנסבילען.

On holidays the **men-folks** of our house stay home.

men'gite *n.* (מענ'-דזשאיט) מענגיט, א שווארצער מינעראל, וואס געפינט זיך אין דער פארם פון קליינע קריסטאלען אין די אילמענישע בערג [אין אוראל, רוסלאנד].

menha'den *n.* (מענ-היי'-דן) אזא הערינג־ענליכער פלאכער און ברייטער אמעריקאנער פיש.



Menhaden

men'hir *n.* (מענ'-היר) אזעלכע פארציטיגע מצבה־שטיינער, וועלכע מען געפינט אין איינינע טיילען פון אייראפא, אפריקא און אזיע.

me'nial *a. and n.* (מי'-ני-על) וואס איז שייך צו א הויז־דיענער אדער הויז־דיענערשאפט; לאקייאיש, הכנעה'דיג, אונטערלעקעריש; א הויז־דיענער, א הויז־דיענסט, א לאקיי.

me'nial la'bor (מי'-ני-על ליי'-באר) גראבע ארבייט, גראבע הויז־ארבייט [ווי וואשען, רייניגען].

In our house the **menial labor** is done by a woman hired by the day.

me'nialty *n.* (מי'-ני-על-טי) דער גראבער המון.

men'ilite *n.* (מענ'-אי-לאיט) דער מעניליט אדער לעבער־אפאל [אזא מין מינעראל פון א מאט־גרויליכען אדער בלויליכען קאליר].

menin'geal *n.* (מי-נינ'-דזשי-על) וואס איז שייך צו דער געהירן־הויט אדער צום אויבערשטען הייטעל פון'ם מארך.

menin'ges *n.* (מע-נינ'-דזשיז) די מארך־הייטלעך. ז. ***meninx***.

meningi'na *n.* (מענ-אינ-דזשאי'-נא) דער ווייכער טייל פון מארך.

meningini'tis *n.* (מי-נינ-דזשי-נאי'-טיס) מענינגיניטיס [ענטצינדונג פון דעם ווייכען מארך־טייל].

meningit'ic *a.* (מענ-אינ-דזשיט'-איק) וואס איז שייך צו מענינגיטיס [ענטצינדונג פון דעם מארך־הייטעל].

meningi'tis *n.* (מענ-אינ-דזשאי'-טיס) מענינגיטיס [ענטצינדונג פון דעם מארך־הייטעל].

me'ninx *n.* (מי'-נינקס) א הייטעל; א מארך־הייטעל.

menis'cal *a.* (מי-ניס'-קעל) וואס איז שייך צו א מעניסקוס, וואס האט די פארם פון א מעניסקוס [א גלאז=לינזע וואס איז פון איין זייט קאנקאוו און פון דער אנדערער זייט קאנוועקס].

menis'ciform *a.* (מי-ניס'-אי-פארם) עהנליך צו א מעניסקוס. ז. *meniscus*

menis'cus *n.* (מי-ניס'-קאס) א פיערטעל=לבנה; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פיערטעל=לבנה; א מעניסקוס, א גלאז=לינזע וואס איז פון איין זייט קאנקאוו [אריינגעבויגען] און פון דער אנדערער זייט קאנוועקס [ארויסגעבויגען]; די קאנקאווע אדער קאנוועקסע פלעכע פון א פליסיגקייט ווען זי געפינט זיך אין א רעהרעל [דער מעניסקוס פון קוועק=זילבער איז קאנוועקס און פון וואסער—קאנקאוו].

Men'nonite *n.* (מענ'-אנ-איט) א מענאניט, איינער פון א קריסטליכער סעקטע אין אנפאנג פון 16טען יאהרהונדערט, וועלכע האט געפאדערט, אז דער מענש זאל געטויפט ווערען אין דער קירך ניט אלס א קינד, נאר אין די עלטערע יאהרען און מיט זיין פאלשטענדיגען איינגענעם דעה און ווילען. די מענאניטען האבען זיך נצהאלטען אז זעהר שטרענגע פרינציפען פון מאראל און זיטליכקייט.

men'obranch *n.* (מענ'-א-ברענק) ז. *menobranchus*

menobran'chus *n.* (מענ-א-ברענ'-קאס) א מין לאנג=עקיגע פיער=פיסיגע אמפיביע [א בעשעפעניש וואס לעבט אי אין וואסער, אי אויף דער יבשה], וואס געפינט זיך אין טייך מיסיסיפי, אין די גרויסע אמעריקאנישע אזיערעס [עריע, סופיריאר, הוראן, מישיגען און אנטאריא] און אין אנדערע אמעריקאנישע וואסערען.

menolip'sis *n.* (מענ-א-ליפ'-סיס) אן אוננארמאלע פערהאלטונג פון די רעגעלען אדער מאנאטליכע ביי פרויען.

menolo'gium *n.* (מענ-א-לאו'-דזשי-אם) ז. *menology*

menol'ogy *n.* (מי-נאל'-א-דזשי) א קאלענדאר, א לוח; א לוח פון קריסטליכע ימים=טובים צום אנדענקען פון מארטירער.

men'opause *n.* (מענ'-א-פאהז) די ענדע פון מענסטרואציע אדער מאנאטליכע [ביי פרויען].

menopla'nia *n.* (מענ-א-פליי'-ני-א) א בלוט=פלוס אין דער צייט פון נידה ניט פון דער געבעהר=מוטער.

meno'rah *n.* (מע-נאו'-רא) א מנורה.

Menorah

menorrha'gia *n.* (מענ-א-ריי'-דזשי-א) מענסטרואציע אדער דאס מאנאטליכע; אין פאטאלאגיע — א צו=שטארקע מענסטרואציע [מאנאטליכער פלוס ביי פרויען].

menorrhag'ic *a.* (מענ-א-רעדזש'-איק) וואס ליידעט פון א צו=שטארקער מענסטרואציע אדער מאנאטליכע.

men'orrhagy *n.* (מענ'-א-רע-דזשי) ז. *menorrhagia*

menorrhœ'a *n.* (מענ-א-רי'-א) אין פאטאלאגיע — א לאנג=דויערענדע מענסטרואציע אדער מאנאטליכע.

menos'tasis *n.* (מי-נאס'-טע-סיס) אין מעדיצין — די פערהאלטונג פון מענסטרואציע אדער מאנאטליכען בלוט=פלוס און די אנקלייבונג פון בלוט אין דער געבעהר=מוטער; א וועהטאג, וועלכען אייניגע פרויען ליידען אין אנפאנג פון מענסטרואציע.

menosta'tion *n.* (מענ-אס-טיי'-שאן) ז. *menostasis*

men'sa *n.* (מענ'-סא) א טיש; עטוואס וואס איז עהנליך צו א טיש; דאס פלאכע קרוינדעל פון א באק=צאהן; דער אויבערשטער טייל פון אלטאר [אין א קלויסטער].

men'sal *a.* (מענ'-סעל) מאנאטליך; וואס איז שייך צו א טיש, וואס ווערט געטהאן ביי א טיש.

men'ses *n.* (מענ'-סיעז) מענסטרואציע, רעגעל, דאס מאנאטליכע [ביי פרויען].

men'strual *a.* (מענ'-סטרו-על) מאנאטליך; וואס קומט פאר איין מאל אין מאנאט; וואס דויערט א מאנאט; וואס איז שייך צו מענסטרואציע [רעגעל, דאס מאנאטליכע, ביי פרויען]; וואס איז שייך צו אן אויפלעזונגס=מיטעל [אין כעמיע].

men'strual flux (מענ'-סטרו-על פלאקס) דאס מאנאטליכע, מענסטרואציע, רעגעל.

men'struant *a.* (מענ'-סטרו-ענט) וואס האט מענסטרואציע [דאס מאנאטליכע, רעגעל].

men'struate *v.* (מענ'-סטרו-אייט) האבען מענסטרואציע, האבען דאס מאנאטליכע [ביי פרויען].

menstrua'tion *n.* (מענ-סטרו-איי'-שאן) מענסטרואציע [דאס מאנאטליכע, רעגעל]; די צייט פון מענסטרואציע.

men'struous *a.* (מענ'-סטרו-אס) וואס האט דאס מאנאטליכע [מענסטרואציע, רעגעל]; וואס איז שייך צו מענסטרואציע; וואס דויערט א מאנאט [וועגען פלאנצען].

men'struum *n.* (מענ'-סטרו-אם) אן אויפלעזונגס=מיטעל [אין כעמיע].

men'sual *a.* (מענ'-שו-על) מאנאטליך.

mensurabil'ity *n.* (מענ-שו-רע-ביל'-אי-טי) מעסטבארקייט, דאס קענען געמאסטען ווערען.

men'surable *a.* (מענ'-שו-רעבל) מעסטבאר, וואס מען קען אויסמעסטען.

men'surableness *n.* (מענ'-שו-רעבל-נעס) ז. *mensurability*

men'sural *a.* (מענ'-שו-רעל) וואס געהערט צו מאס.

mensura'tion *n.* (מענ-שו-ריי'-שאן) מעסטונג, אויסמעסטונג.

men'surative *a.* (מענ'-שו-ריי-טיוו) וואס איז צוגעפאסט צום מעסטען זאכען.

mentag'ra *n.* (מענ-טעג'-רא) אזא הויט=אויסשלאג אויף דער מארדע.

men'tal *a. and n.* (מענ'-טעל) גייסטיג; וואס איז שייך צום פערשטאנד; אינערליך; בעהערצט; וואס איז שייך צו די קינבאקען אדער צו דער מארדע; אזא צעבער צום ציהען וואסער פון א ברונעם [אין איינינע לענדער אין אזיען].

men'tal aberra'tion (מענ'-טעל עב-ער-איי'-שאן) משוגעת.

men'tal aliena'tion (מענ'-טעל אייל-יענ-איי'-שאן) משוגעת.

men'tal arith'metic (מענ'-טעל ע-ריטה'-מע-טיק) דאס רעכענען אויף'ן קאפ.

mental'ity *n.* (מענ-טעל'-אי-טי) אינטעלעקטואליטעט, גייסטיגע פעהיגקייט, גייסטיגע טהעטיגקייט.

men'talize *v.* (מענ'-טעל-איז) אינטעלעקטועל, גייסטיג ענטוויקלען; ארויסרופען גייסטיגע טהעטיגקייט.

men'tally *adv.* (מענ'-טעל-אי) אין געדאנקען, אין פארשטעלונג.

men'tal philos'ophy (מענ'-טעל פי-לאס'-א-פי) פסיכאלאגיע; פסיכאלאגיע, לאגיק און מעטאפיזיק [אלס גענענזאץ צו מאראל=פילאזאפיע און נאטור=פילאזאפיע].

men'tal reserva'tion (מענ'-טעל רעז-אויר-וויי'-שאן) דאס ניט דערדערען; דאס ניט דערדערטע.

men'tal sight (מענ'-טעל סאיט) דאס גייסטיגע אויג, דאס בעגרייפען עטוואס אזוי ווי מען וואלט עס געזעהן מיט די אויגען.

menta'tion *n.* (מענ-טיי'-שאן) גייסטיגע טהעטיגקייט; אינטעלעקט; גייסטינער צושטאנד.

Men'tha *n.* (מענ'-טהא) דער מין שמעקעדיגע מינץ=פלאנצען [מיאטע, מיענטע].

Mentha

men'thene *n.* (מענ'-טהיען) א כעמישער שטאף וואס ווערט געמאכט פון פעפער=מינץ=אויל.

men'thol *n.* (מענ'-טהאל) מענטאל [א ווייסער וואקס=עהנליכער כעמישער שטאף וואס האט דעם גערוך פון מיאטע אדער פעפער=מינץ. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

menticul'tural *a.* (מענ-טי-קאל'-טשור-על) וואס ענטוויקעלט דעם פערשטאנד.

men'tion *v. and n.* (מענ'-שאן) דערמאהנען, אנצייגען, מאכען א בעמערקונג [וועגען אימעצען אדער עפעס]; דאס דערמאהנען; אנצייגונג, א בעמערקונג.

men'tionable *a.* (מענ'-שאנ-עבל) וואס קען דערמאהנט ווערען; וועגען וואס מען קען מאכען א בעמערקונג; אויף וואס מען קען אנצייגען [אין א בעמערקונג].

men'tor *n.* (מענ'-טאר) א מענטאר [ראטהגעבער, פיהרער, לעהרער, ערציהער — הויפטזעכליך אין בעציהונגען פון אן עלטערען צו א יונגערען].

mento'rial *a.* (מענ-טאו'-רי-על) מענטאריש, ראטהענד, ווארנענד, פיהרענד אויף'ן גלייכען וועג.

men'tum *n.* (מענ'-טאם) דער קינבאקען, די מארדע.

menu' *n.* (מע-ניו') א שפייז=קארטע [א פערצייכניס פון שפייזען]; די שפייזען פון א שפייז=קארטע.

Mephistoph'eles *n.* (מעפ־איס־טאפ־ע־ליז) מעפיסטאפעל אדער מעפיסטא [דער טייוועל, דער שטן].

Mephistophe'lian *a.* (מעפ־איס־טא־פי־ליען) מעפיסטאפעליש, טייוועלש.

mephit'ic *a.* (מי־פיט׳־איק) מעפיטיש, שטיקעדיג, גיפטיג; פערפעסטעט.

mephit'ical *a.* (מי־פיט׳־אי־קעל) ז. *mephitic*.

mephit'ically *adv.* (מי־פיט׳־אי־קעל־אי) מיט שטיק־לופט, מיט א שלעכטען ריח; שטיקעדיג, גיפטיג, פערפעסטעט.

Mephi'tis *n.* (מי־פאי׳־טיס) א מין אמעריקאנער שטינק־חיה׳לע, עהנליך צו טכוירען אדער שעשקעס מיט זעהר א לאנגען און הארינגען עק.

mephi'tis *n.* (מי־פאי׳־טיס) שטיק־לופט; שטינקעדיגקייט.

mephi'tism *n.* (מי־פאי׳־טיזם) שטיק־לופט; שטינקעדיגקייט.

mer'aline *n.* (מער׳־ע־לין) א מין וואָלענער צייג וואס ווערט בענוצט פאר פרויען־קליידער.

mer'cantile *a.* (מויר׳־קען־טיל) מערקאנטיל, קויפמענניש, סוחר׳יש, געשעפטליך.

mer'cantile a'gency (מויר׳־קען־טיל איי׳־דזשען־סי) א מערקאנטילע אגענטור [אן אגענטור וואס שטעלט צו נייע ידיעות וועגען געשעפטס־פירמען און געשעפטסלייט, וועגען זייער פינאנציעלען צושטאנד, קרעדיט־פעהיגקייט א. ד. ג.].

mer'cantile code (מויר׳־קען־טיל קאוד) דאס האנדעלס־געזעץ־בוך.

mer'cantile law (מויר׳־קען־טיל לאָה) דאס האנדעלס־רעכט [געזעצען וועגען האנדעל].

mer'cantile sys'tem (מויר׳־קען־טיל סיס׳־טעם) די מערקאנטילע סיסטעם [די טעאריע אין פאליטישער עקאנאמיע, וועלכע האט געהערשט אין 17טען און 18טען יאהרהונדערט, וועלכע בעהויפטעט, אז דאס רייכטום פון א לאנד בעשטעהט אין גאלד און זילבער און דעריבער דארף א לאנד שטרעבען ארויסצושיקען אין אויסלאנד וואס מעהר סחורות און אריינצונעהמען וואס מעהר גאלד און זילבער, וועהרענד דאס אריינברייגנען סחורות פון אויסלאנד און ארויסשיקען גאלד און זילבער דארף זיין פערבאטען אדער אזוי בעשרענקט ווי נור מעגליך].

mer'cantilism *n.* (מויר׳־קען־טיל־איזם) מערקאנטיליזם, דער קאמערציעלער אדער סוחר׳ישער גייסט; די איבערגעבענהייט צו קאמערציע; די מערקאנטילע סיסטעם. ז. *mercantile system*.

mer'cantilist *n.* (מויר׳־קען־טיל־איסט) אן אנהענגער פון קאמערציע; איינער וואס גלויבט, אז קאמערציע און האנדעל איז דאס וויכטיגסטע פאר׳ן לאנד; אן אנהענגער פון דער מערקאנטילער סיסטעם. ז. *mercantile system*.

mercantilis'tic *a.* (מויר־קען־טי־ליס־טיק) וואס איז שייך צו מערקאנטיליזם. ז. *mercantilism*.

mer'cenarily *adv.* (מויר׳־סע־נע־רי־לי) געלד־זיכטיג; טהוענדיג אלעס פאר געלד; פערדינגענדיג זיך צו דעם וואס גיט מעהר; פערקויפענדיג זיך פאר געלד.

mer'cenariness *n.* (מויר׳־סע־נע־רי־נעס) געלדזיכטיגקייט; דאס פערקויפען זיך פאר געלד.

mer'cenary *a. and n.* (מויר׳־סע־נע־רי) געלדזיכטיג; וואס פערקויפט זיך פאר געלד; וואס טהוט אלעס פאר געלד; איינער וואס טהוט אלעס פאר געלד, איינער וואס דער העכסטער ציעל ביי איהם איז געלד; איינער וואס פערדינגט זיך פאר א סאלדאט צוליעב געלד.

mer'cer *n.* (מויר׳־סער) א קרעמער; א שניט־קרעמער.

mer'cership *n.* (מויר׳־סער־שיפ) די בעשעפטיגונג פון א קרעמער אדער שניט־קרעמער.

mer'cery *n.* (מויר׳־סע־רי) קליין־האנדעל; שניט־געשעפט; שניט־סחורה; א שניט־קראם.

mer'chandise *n.* (מויר׳־טשען־דאיז) וואארע, סחורה.

mer'chant *n.* (מויר׳־טשענט) א הענדלער, א סוחר.

mer'chantable *a.* (מויר׳־טשען־טעבל) פערקויפליך, גאנגבאר [וועגען סחורות].

mer'chant cap'tain (מויר׳־טשענט קעפ׳־טען) א קאפיטאן פון א האנדעלס־שיף.

mer'chanthood *n.* (מויר׳־טשענט־הוד) האנדעלשאפט, די בעשעפטיגונג פון א הענדלער.

mer'chantman *n.* (מויר׳־טשענט־מען) א האנדעלס־שיף.

mer'chant prince (מויר׳־טשענט פרינס) א גרויסער, רייכער סוחר.

mer'chantry *n.* (מויר׳־טשען־טרי) האנדעל; קויפמאנשאפט.

mer'chant's accounts' (מויר׳־טשענטס ע־קאונטס׳) בוכהאלטונג.

mer'chant ser'vice (מויר׳־טשענט סויר׳־וויס) ים־האנדעל; די האנדעלס־פלאטע.

mer'chant ship (מויר׳־טשענט שיפ) ז. *merchantman*.

mer'chant tai'lor (מויר׳־טשענט טיי׳־לאר) א קונדען־שניידער וואס נעהמט מיט זיין אייגענער וואארע.

mer'ciful *a.* (מויר׳־סי־פול) פול מיט רחמנות אדער מיטלייד; גנעדיג, בארמהערציג.

mer'cifully *adv.* (מויר׳־סי־פול־אי) אויף א בארמהערציגען אופן; מיט רחמנות, מיט גנאד.

mer'cifulness *n.* (מויר׳־סי־פול־נעס) גנאדע, בארמהערציגקייט, רחמנות, מיטלייד.

mer'ciless *a.* (מויר׳־סי־לעס) אהן רחמנות, אהן מיטלייד, אונבארמהערציג.

mer'cilessly *adv.* (מויר׳־סי־לעס־לי) אונ׳ברחמנות׳דיג; אהן מיטלייד, אונבארמהערציג.

mer'cilessness *n.* (מויר׳־סי־לעס־נעס) אונבארמהערציגקייט, אונ׳ברחמנות׳דיגקייט.

mercu'rial *a. and n.* (מויר־קיו׳־רי־על) פון קוועקזילבער; קוועקזילבערדיג; וואס ענטהאלט קוועקזילבער, וואס איז פעראורזאכט פון קוועקזילבער; א מעדיצין פון קוועקזילבער.

Mercu'rial *a.* (מויר־קיו׳־רי־על) וואס איז שייך צו דעם גאט מערקור; וואס האט די אייגענשאפטען פון מערקור; לייכטזיניג; לופטיג, פלינק, לעבהאפט. ז. *Mercury*.

mercu'rialist *n.* (מויר־קיו׳־רי־על־איסט) איינער וואס איז עהנליך אין כאראקטער צו דעם גאט מערקור [ז. *Mercury*]; א דאקטאר וואס איז אן אנהענגער פון געברויכען קוועקזילבער פאר דער היילונג פון פערשידענע קראנקהייטען.

mercu'rialize *v.* (מויר־קיו׳־רי־על־איז) זיין קאפריזנע אדער ניט־געזעצט; זיין לעבהאפט אדער פלינק; בעהאנדלען קראנקהייטען מיט קוועקזילבער; ענטוויקלען פאטאגראפישע פלאטען מיט קוועקזילבער.

mercu'rially *adv.* (מויר־קיו׳־רי־על־אי) מיט דער הילף פון קוועקזילבער; לעבהאפט, פלינק.

Mercu'rian *a.* (מויר־קיו׳־רי־ען) וואס איז שייך צום גאט מערקור; וואס איז שייך צום פלאנעט מערקור. ז. *Mercury*.

mercu'ric *a.* (מויר־קיו׳־ריק) וואס איז שייך צו קוועקזילבער, וואס ענטהאלט קוועקזילבער; קוועקזילבערדיג, מיט קוועקזילבער.

mercu'rify *v.* (מויר־קיו׳־רי־פאי) פערבינדען אדער צומישען מיט קוועקזילבער; ארויסקריגען קוועקזילבער פון מעטאלען.

mer'curous *a.* (מויר־קיו־ראס) וואס איז שייך צו קוועקזילבער; וואס ענטהאלט קוועקזילבער; קוועקזילבערדיג, מיט קוועקזילבער.

Mer'cury *n.* (מויר׳־קיו־רי) מערקור [איינער פון די געטער ביי די אלטע רוימער. ער איז געווען דער גאט פון שווינדלער און גנבים, פון סוחרים און האנדעל; ער איז געווען דער בעשיצער פון רייזענדע, שלוחים און אטלעטען. ער ווערט געמאלען אין דעם בילד פון א יונגען מאן מיט א קליינעם הוט מיט פליגלען אויף׳ן קאפ און מיט פליגלען ביי די קנעכלעך פון די פיס]; א שליח, א נייעס־בריינגער; א צייטונג; דער פלאנעט מערקור.

Mercury

mer'cury *n.* (מויר׳־קיו־רי) קוועקזילבער [איינער פון די כעמישע גרונדעלעמענטען]; דער קוועקזילבער־זייל אין א טערמאמעטער; דאס בינגעל־קרויט [אזא פלאנצע].

mer'cury-cup *n.* (מויר׳־קיו־רי־קאפ) א קליין שיסעלע מיט קוועקזילבער וואס ווערט בענוצט פאר עלעקטרישע אפאראטען אלס שטראם־פערבינדונג; דאס קוועקזילבער־שיסעלע פון א באראמעטער.

mer'cy *n.* (מויר׳־סי) גנאדע; פערצייהונג; רחמנות, בארמהערציגקייט, מיטלייד.

mer'cy-seat *n.* (מויר׳־סי־סיעט) דער כפרת [דער צורעק פון דעם ארון אין בית המקדש]; דער גנאדען־טהראן.

mere *a. and n.* (מיער) בלויז, נאר, ניט מעהר ווי; לויטער, ריין; א קליינע אזערע [זעע]; א גרענעץ, א גרענעץ־ליניע [א מעזשע].

mere'ly *adv.* (מיער'-לי) ניט מעהר ווי, נאר, בלויז.

mere noth'ing (מיער נאטה'-אינג) א גאלע נארנישט.

mere'stead *n.* (מיער'-סטעד) א פערמע.

mere'stone *n.* (מיער'-סטאון) א גרעי נעץ-שטיין; א גרענעץ.

meretri'cian *a.* (מער-אי-טריש'-ען) ז. *meretricious*

meretri'cious *a.* (מער-אי-טריש'-אס) הורעריש, ווי א הור; פאלש, אנציהענד דורך א פאלשען אויסזעהן; וואס האט א פאלשען פערפוצטען אויסזעהן.

meretri'ciously *adv.* (מער-אי-טריש'-אס-לי) אויף א הורישען אופן; מעשה הור; אנציהענדיג אדער רייצענדיג דורך א פאלשען פערפוצטען אויסזעהן.

meretri'ciousness *n.* (מער-אי-טריש'-אס-נעס) א פאלשעם אויסזעהן, א פאלשער שיין; א פאלשע בעפוצונג; אן אנציהונג אדער רייצונג דורך א פאלשען שיין; א הורישע אויפפיהרונג.

mer'etrix *n.* (מער'-ע-טריקס) אן אויס-געלאסענע פרוי, א פראסטיטוטקע.

mergan'ser *n.* (מויר-גען'-סער) דער קאלבען-טויכער [אזא קאטשקע מיט א רונדען שנאבעל און א קאם פון שטארצענדע פעדערען אויף'ן קאפ].

merge *v.* (מוירדזש) טויכען, טונקען, זיך טובל'ען; זינקען; פערזינקען, אונטערגעהן; פערשלונגען ווערען.

mer'ger *n.* (מויר'-דזשער) די פערשמעלצונג פון א קליינעם גוט אין א גרעסערען; א פערזינקער.

merid'ian *n. and a.* (מי-ריד'-אי-ען) אין געאגראפיע — א מערידיאן, א קרייז געצויגען ארום דעם ערד-קוגעל דורך די פאלען, אדער א האלבער קרייז געצויגען פון פאל צו פאל; אין אסטראנאמיע — א קרייז געצויגען אין דער הימעלס-ספערע פון פאל צו פאל; מיטאג-צייט; דער העכסטער פונקט; מיטאגדיג; פון מיטאג-צייט; העכסט, וואס איז אויף דעם העכסטען פונקט; וואס איז שייך צו א מערידיאן, מערידיאניש.

merid'ional *a.* (מי-ריד'-אי-א-נעל) וואס איז שייך צו אדער געפינט זיך אויף א מערידיאן; העכסט; דרום-זייטיג, זידליך; וואס איז שייך צו דעם קלימאט פון זיד אדער צו די זידליכע איינוואהנער.

merid'ional dis'tance (מי-ריד'-אי-א-נעל דיס'-טענס) דער מרחק פון מערידיאן [צו מזרח-זייט אדער צו מערב-זייט].

meridional'ity *n.* (מי-ריד-אי-א-נעל'-אי-טי) די לאגע אדער שטעלונג אין מערידיאן; די זידליכע לאגע אדער ריכטונג; די ארט-לאגע צו דרום-זייט, די זידליכקייט.

merid'ionally *adv.* (מי-ריד'-אי-א-נעל-אי) אין דער ריכטונג פון מערידיאן [צו צפון אדער צו דרום].

meringue' *n.* (מע-רענג') צוקלאפטע איי-ווייסעל מיט צוקער וואס ווערט גע-מאכט צו בעפוצען פיינע זארטען געבעקס.

meri'no *n. and a.* (מע-רי'-נאו) מע-רינא-שעפס [א זארט פיינע שעפסען]; אזא דינער, פיינער וואלען-שטאף; א זארט טריקא וואס ווערט בענוצט פאר אונטער-וועש; וואס איז שייך צו מערינא-שעפ-סען אדער צו זייער וואל; געמאכט פון מערינא-וואל.

meri'no sheep (מע-רי'-נאו שיעפ) א מערינא-שעפס [אזא זארט שעפס מיט לאנגע, פיינע וואל].

mer'istem *n.* (מער'-איס-טעם) אין בי-אלאגיע — די מעריסטעמע, א געוועב פון לעבעדיגע צעלען, פון וועלכען עס ענט-וויקלען זיך אנדערע ארגאנישע געוועבען.

meristemat'ic *a.* (מער-איס-טי-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א מעריסטעמע.

meristem ז.

mer'it *v. and n.* (מער'-איט) 1. פערדיע-נען [א בעלוינונג אדער שטראף]; 2. זיך פערדיענט מאכען, זיך ווערטה מאכען [וועגען עפעס]; 3. פערדיענסט, ווערטה; אנשפרוך.

2. Dishonest acts merit the condemnations of all right-minded persons. 3. The book has many merits.

mer'itedly *adv.* (מער'-אי-טעד-לי) לויט פערדיענסט, לויט ווערטה.

merito'rious *a.* (מער-אי-טאו'-רי-אס) לויבענסווערטה.

As a teacher he rendered meritorious service to the community.

merito'riously *adv.* (מער-אי-טאו'-רי-אס-לי) אויף א לויבענסווערטהען אופן.

merito'riousness *n.* (מער-אי-טאו'-רי-אס-נעס) פערדיענסטליכקייט, לויבענס-ווירדיגקייט.

merle *n.* (מוירל) די אמזעל [אזא שווארץ אייראפעאיש זינג-פויגעלע מיט א לאנגען עק].

mer'lin *n.* (מויר'-לין) דער לערכען-פאלק [אזא רויב-פויגעל פון דער פאל-קען-פאמיליע]; א מין פאני אדער קליין פערדעל.

Merlin

mer'ling *n.* (מויר'-לינג) דער מערלאן [א קליינער ים-פיש מיט דריי שווים-פע-דערען אויף'ן רוקען, ווערט פיעל געברויכט אלס שפייז].

mer'lon *n.* (מויר'-לאן) אין פארטיפי-קאציאן אדער פעסטונג-בויאונג — דער טייל פון א ברוסט-וועהר וואס טיילט אב צווי שיס-פענסטער.

mer'maid *n.* (מויר'-מייד) די ים-פרוי [א לעגענדארע אדער פאבעלהאפטע ים-בע-שעפעניש וועלכע ווערט פארגעשטעלט אין דער פארם פון א שעהנער פרוי מיט אן עק פון א פיש].

mer'maiden *n.* (מויר'-מיידן) ז. *mermaid*

mer'man *n.* (מויר'-מען) א ים-מענש [א לעגענדארע אדער פאבעלהאפטע ים-בעשעפעניש וואס ווערט פארגעשטעלט אלס האלב-מענש האלב-פיש].

mer'oblast *n.* (מער'-א-בלעסט) אן איי וואס ענטהאלט שפייז-געלבעל [אזא געל-בעל וואס נור א טייל פון איהם בע-שטעהט פון בילדענדער פראטאפלאזמע, פון וואס דער ארגאניזם, ווי א פויגעל, א פיש, א רעפטיל א. ד. ג. ווערט געשאפען, וועהרענד דער אנדערער טייל בעשטעהט פון נאהרונגס-פראטאפלאזמע].

meroblas'tic *a.* (מער-א-בלעס'-טיק) וואס בעשטעהט נור צום טייל פון ביל-דענדער פראטאפלאזמע [וועגען אייער]. ז. *meroblast*

merogen'esis *n.* (מער-א-דזשען'-ע-סיס) די ענטשטעהונג פון די בעזונדערע טיילען, פון וועלכע עס בעשטעהט אן אר-גאניזם.

merognos'tic *n.* (מער-אג-נאס'-טיק) א מעראגנאסטיק, איינער וואס ווייסט אדער גלויבט אז ער ווייסט טיילוויז.

merognos'ticism *n.* (מער-אג-נאס'-טי-סיזם) מעראגנאסטיציזם, דאס וויסען טיילוויז.

mer'osome *n.* (מער'-א-סאום) איינע פון די טיילען, פון וועלכע עס בעשטעהט אן ארגאניזם [ווי א בעזונדערער רינג ביי א רינג-ווארים א. ד. ג.].

Merovin'gian *a.* (מער-א-ווינ'-דזשי-ען) מעראווינגיש, וואס איז פון אדער וואס איז שייך צו דער פאמיליע אדער דינאסטיע פון מעראווינגער [א פרענקי-שער שבט, וועלכער האט געגרינדעט די ערשטע פראנצויזישע קעניגליכע דינאס-טיע אין יאהר 486 נאך קריסטוס'ס גע-בורט].

mer'rily *adv.* (מער'-אי-לי) אויף א פרעהליכען, לוסטיגען אופן; פרעהליך, לוסטיג.

mer'rimake *n. and v.* (מער'-אי-מייק) א שמחה, א לוסטיגע פערזאמלונג; זיין לוסטיג, זיך משמח זיין.

mer'riment *n.* (מער'-אי-מענט) לוס-טיגקייט, פרעהליכקייט.

mer'riness *n.* (מער'-אי-נעס) ז. *merriment*

mer'row *n.* (מער'-או) ז. *mermaid*

mer'ry *a. and adv.* (מער'-אי) לוסטיג, פרעהליך; מונטער, גוט אויפגעלעגט; לעב-האפט; אויף א לעבהאפטען שטייגער.

The wedding was attended by a merry crowd of friends.

mer'ry-an'drew *n.* (מער'-אי-ענ'-דרוּ) א פאיאץ, א פורים-שפּיעלער, א קלאון.

mer'ry-go-round' *n.* (מער'-אי-גאו-ראונד') א קארוסעל [הלצערנע פערד-לעך, קארעטען אדער וויעגען, וועלכע דרעהען זיך דורך א מאשין אין דער רונד].

Merry-go-round

mer'rymake *n. and v.* (מער'-אי-מייק) א שמחה, א לוסטיגע פערזאמלונג; זיין לוסטיג, זיך משמח זיין.

mer'ry-ma'king *n. and a.* (מער'-אי-מיי'-קינג) דאס מאכען לוסטיג אדער פרעהליך; א שמחה, א לוסטיגער מאהל-צייט; וואס מאכט לוסטיג אדער פרעהליך.

mer'ryman *n.* (מער'-אי-מען) ז. *merry-andrew*

mer'rymeeting *n.* (מער'-אי-מיע-טינג) א לוסטיגע פערזאמלונג, א שמחה.

mer'rythought *n.* (מער'-אי-טהאט) דער גאפעל-פערמיגער ברוסט-ביין פון אן עוף.

merse *v.* (מוירס) אדער אונטערטויכען אונטערטונקען אין וואסער אדער אין אנדער פליסיגקייט.

mer'sion *n.* (מויר'-שאן) דאס אונטער-

טויכען, דאס אונטערטונקען זיך [אין וואסער אדער אין אן אנדער פליסיגקייט].

Mer'u *n.* (מער'-אוה) אין דער אינדישער מיטאלאגיע — מערו, דער הויכער צענטראלער בארג פון דער ערד, וואו עס האלטען זיך אויף די געטער [ווי ביי די גריכען — דער בארג אלימפוס].

mer'woman *n.* (מויר'-הוואומ-ען) א ים-פרוי, א ים-נימפע [א פאנטאסטיש בעשעפעניש אין דער פארם פון א שעהנער פרוי מיט אן עק פון א פיש, וואס געפינט זיך כלומרשט אין ים]. ז. *mermaid*.

mer'ycism *n.* (מער'-אי-סיזם) דאס מעלה-גרה זיין ביי מענשען [א קראנקהאפטע ערשיינונג, ווען ביי א מענשען קעהרט זיך די שפייז אום צוריק פון מאגען אין מויל און קייעט זי נאך אמאל איבער].

me'sa *n.* (מיי'-סא) הויך פלאך-לאנד.

me'sad *adv.* (מיע'-סעד) צו דעם מיטען-צו.

mes'al *a.* (מעס'-על) וואס געפינט זיך אין דער מיט.

mésalliance' *n.* (מיי-זעל-לי-אנס') א הייראט, אין וועלכער איינער פון דעם פארעל איז פון א קלענערען יחום.

mes'ally *adv.* (מעס'-ע-לי) אין דער מיט.

mesdames' *n.* (מע-דאם') דאמען, מאדאמען. ז. *madam*.

mesdemoiselles' *n.* (מע-דע-מוא-זעל) פרייליינס. ז. *mademoiselle*.

meseems' (מי-סיעמז') מיר שיינט, מיר דאכט זיך.

Mesembryan'themum *n.* (מע-סעמ-ברי-ענ'-טהי-מאם) די צאזער-בלומען, א מין פלאנצען מיט שעהנע ווייסע, געלבע אדער ראזעווע בליטהען וואס וואקסען אין בינטלעך [די פרוכט פון דיעזע פלאנצען איז קאפסול-פערמיג. עס זיינען פאראן איבער 300 מינים פון דיעזע פלאנצען].

mesencephal'ic *a.* (מעס-ענ-סע-פעל'-איק) וואס געפינט זיך אין מיטעל-טייל פון קאפ-מארך.

mesenceph'alon *n.* (מעס-ענ-סעפ'-ע-לאן) דער מיטעל-טייל פון דעם קאפ-מארך.

mesente'rial *a.* (מעז-ענ-טיע'-רי-על) ז. *mesenteric*.

mesenter'ic *a.* (מעז-ענ-טער'-איק) וואס איז שייך צום גרייזשיק אדער געדערים-נעץ.

mesenteri'tis *n.* (מעס-ענ-טע-ראי'-טיס) ענטציינדונג פון דעם גרייזשיק אדער געדערים-נעץ.

mesente'rium *n.* (מעס-ענ-טיע'-רי-אם) ז. *mesentery*.

mes'entery *n.* (מעז'-ענ-טער-אי) א גרייזשיק, א געדערים-נעץ. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

mesh *n. and v.* (מעש) א נעץ-לאך, א שלייף פון א נעץ-געוועב; א נעץ; א פלאנטער; דאס צוזאמענקומען, דאס צוזאמענטשעפען זיך פון רעדער-צייהנער; מאכען א נעץ; כאפען אין א נעץ; פערפלאנטערען [אין א נעץ אדער ווי אין א נעץ]; זיך צוזאמענקומען [וועגען צייהנער פון צוויי צאהן-רעדער].

meshed *a.* (מעשט) נעץ-פערמיג; וואס האט נעץ-פערמיגע בעציערונגען.

mesh'work *n.* (מעש'-הוואירק) א נעץ, א געוועב; נעץ-ארבייט.

mesh'y *a.* (מעש'-אי) נעץ-ארטיג, נעץ-פערמיג.

mes'ial *a.* (מעס'-אי-על) וואס איז אין דער מיט.

mes'ially *adv.* (מעס'-אי-על-אי) אין מיטען.

mes'ian *a.* (מעס'-אי-ען) ז. *mesial*.

mes'lin *n.* (מעס'-לין) מיש-קארן [קארן געמישט מיט ווייץ].

mesmeree' *n.* (מעז-מויר-איע') איינער וועמען מען ווארפט אונטער אונטער דעם איינפלוס פון מעזמעריזם [טהיערישער מאגנעטיזם]. ז. *mesmerism*.

mesmer'ic *a.* (מעז-מער'-איק) מעזמעריש, וואס איז שייך צום מעזמעריזם אדער צום טהיערישען מאגנעטיזם; היפנאטיש.

mesmer'ical *a.* (מעז-מער'-אי-קעל) מעזמעריש, וואס איז שייך צו מעזמעריזם אדער טהיערישען מאגנעטיזם, היפנאטיש.

mesmer'ically *adv.* (מעז-מער'-אי-קעל-אי) דורך מעזמעריזם, מיט דער הילף פון מעזמעריזם [טהיערישער מאגנעטיזם].

mesmer'ic lucid'ity (מעז-מער'-איק לו-סיד'-אי-טי) העל-זעהן. ז. *clairvoyance*.

mesmer'ic prom'ise (מעז-מער'-איק פראמ'-איס) די ווירקונג פון מעזמעריזם אדער היפנאטיזם אין נארמאלען צושטאנד [נאכדעם ווי מען איז שוין מעהר ניט איינגעשלעפערט].

mesmerisa'tion *n.* (מעז-מויר-אי-זיי'-שאן) ז. *mesmerization*.

mes'merise *v.* (מעז'-מויר-איז) ז. *mesmerize*.

mes'meriser *n.* (מעז'-מויר-אי-זער) ז. *mesmerizer*.

mes'merism *n.* (מעז'-מויר-איזם) מעזמעריזם אדער טהיערישער מאגנעטיזם [די לעהרע פון דעם דייטשען מעדיקער מעזמער (געבארען 1733, געשטארבען 1815), וועלכע בעהויפטעט, אז מענשען בעזיצען א בעזונדערע "מאגנעטישע קראפט", מיט וועלכער מען קען בעאיינפלוסען אנדערע מענשען, זיי צווינגען צו טהאן פערשיעדענע זאכען, זיי איבערגעבען דעם אייגענעם ווילען און געדאנקען און זיי היילען. אמאל האט מען דעם מעזמעריזם בעטראכט אלס שווינדעל, איצטער פערבינדעט מען איהם מיט'ן היפנאטיזם]. ז. *hypnotism*.

mes'merist *n.* (מעז'-מויר-איסט) איינער וואס פראקטיצירט מעזמעריזם אדער טהיערישען מאגנעטיזם. ז. *mesmerism*.

mesmeriza'tion *n.* (מעז-מויר-אי-זיי'-שאן) מעזמעריזירונג. ז. *mesmerism*.

mes'merize *v.* (מעז'-מויר-איז) פראקטיצירען מעזמעריזם [טהיערישען מאגנעטיזם]; היפנאטיזירען.

mes'merizer *n.* (מעז'-מויר-אי-זער) איינער וואס פראקטיצירט מעזמעריזם אדער טהיערישען מאגנעטיזם.

mesmeroma'nia *n.* (מעז-מויר-א-מיי'-ני-א) מעזמעראמאניע [דאס זיין פערקאכט ביז משוגעת אין מעזמעריזם]. ז. *mesmerism*.

mesmeroma'niac *n.* (מעז-מויר-א-מיי'-ני-עק) איינער וואס איז משוגע אויף מעזמעריזם, איינער וואס איז ביז משוגעת פערקאכט אין מעזמעריזם [טהיערישער מאגנעטיזם].

mesne *a.* (מיען) — אין יוריספרודענץ וואס איז אין מיטען, וואס קומט אריין צווישען.

mesne lord (מיען לאהרד) אין דער פעאדאלער ארדנונג — א פעאדאל, וואס איז אין דערזעלבער צייט געווען א וואסאל פון אן אנדערען. ז. *feudal system*.

mesne proc'ess (מיען פראס'-עס) א נעבען-פראצעס [געריכטס-פערהאנדלונג], וואס קומט פאר בעת א פראצעס צוליעב א זייטיגען שטרייט-פונקט.

mes'oblast *n.* (מעס'-א-בלעסט) דער מיטעלסטער פון די דריי שיכטען אין דעם עמבריאן. ז. *embryo*.

mesoblaste'ma *n.* (מעס-א-בלעס-טי'-מא) די מאסע פון צעלען, וועלכע בילדען אוים דעם מיטעלען שיכט פון דעם עמבריאן. ז. *embryo*.

mesoc'olon *n.* (מע-סאק'-א-לאן) דער גרייזשיק אדער געדערים-נעץ פון דער גרימדארם. ז. *colon*.

mes'oderm *n.* (מעס'-א-דוירם) ז. *mesoblast*.

mesogas'tric *a.* (מעס-א-געס'-טריק) וואס געפינט זיך אין מיטעלסטען טייל פון בויך.

mesogas'trium *n.* (מעס-א-געס'-טרי-אם) דער מיטעלסטער טייל פון בויך; דער גרייזשיק [געדערים-נעץ] ארום דעם מאגען.

mes'olite *n.* (מעס'-א-לאיט) א מעזאליט [אזא ווייס-זאמדיגער מינעראל].

mesolog'ical *a.* (מעס-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו מעסאלאגיע. ז. *mesology*.

mesol'ogy *n.* (מע-סאל'-א-דזשי) מעסאלאגיע, די לעהרע וועגען די בעציהונגען אדער די שייכות פון אן ארגאניזם צו דער ארומיגער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך.

mesometri'tis *n.* (מעס-א-מי-טראי'-טיס) אן ענטציינדונג פון די מיטעלע מוסקולען פון דער געבעהר-מוטער.

mes'on *n.* (מעס'-אן) די פלעכע וואס טיילט דעם קערפער אין צוויי גלייכע סימעטרישע טיילען [א רעכטער און א לינקער]; אין מוזיק — א טעטראכארד. ז. *tetrachord*.

Mesopota'mian *a.* (מעס-א-פא-טיי'-מי-ען) וואס איז שייך צו מעסאפאטאמיע אדער ארם נהרים [די געגענד אין אזיען צווישען די טייכען פרת און חדקל].

mesothorac'ic *n.* (מעס-א-טהא-רעס'-איק) וואס איז שייך צום מיטעלסטען ברוסט-טייל פון אינזעקטען.

mesotho'rax *n.* (מעס-א-טהאו'-רעקס) דער מיטעלסטער ברוסט-טייל ביי אינזעקטען.

Mesozo'ic *a.* (מעס-א-זאו'-איק) וואס איז שייך צו דער מעסאזאאישער אדער מיטעלער פעריאדע — צווישען דער פאלעאזאאישער און טערטיער-צייטען אין דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער ערד [דיעזע פעריאדע צייכענט זיך אוים מיט ריעזיגע רעפטיליען (קריכענדע בעשעפענישען) און מיט דער ערשטער ערשיינונג פון זויג-טהיערע, פויגלען, פיש מיט רוקען-ביינער און פאלמען].

mesquit' *n.* (מעס-קיעט') דער מעסקיט-בוים [א מין בוים אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא מיט א זעהר טייערען שווערען און הארטען האלץ פון ברוינעם אדער רויטען קאליר. די צאהלרייכע ווארצלען פון דיעזע בוים ווערען געברויכט אלס הייצונג און די בעבלעך-עהנליכע זיסע

פרוכט ווערט געברויכט אלס שפייז. מען קריעגט אויך פון דעם בוים א זאפט וואס איז עהנליך צו גומי=ראביקום].

mesquit'-bean *n.* (מעס-קיעט'-ביען) דער מעסקיט=בעבל [די פרוכט פון דעם מעסקיט=בוים].. ז. ***mesquit***

mesquite' *n.* (מעס-קיעט') ז. ***mesquit***

mesquit'-gum *n.* (מעס-קיעט'-גאם) מעסקיט=גומי. ז. ***mesquit***

mesquit'-tree *n.* (מעס-קיעט'-טריע) ז. ***mesquit***

mess *n. and v.* (מעס) א געריכט; א פארציע שפייז; א פארציע פוטער [פאר בהמות]; פיש געכאפט אין איין פאנג; א טיש=קאמפאניע [הויפטזעכליך פון סאלדאטען אדער מאטראזען]; א טיש=קאמפאניע פון פיער מענשען; א מישמאש; שמוץ; אונארדנונג; פערלעגענהייט; צוטומלעניש; עסען צוזאמען מיט אנדערע; גיבען א פארציע [שפייז]; איינטיילען אין פארציעס; מאכען א מישמאש, א טומעל אדער אונארדנונג; בעשמוצען; צוטומלען.

mes'sage *n.* (מעס'-איידזש) א שליחות, א באטשאפט; א מיטטיילונג; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן אפיציעלע צושריפט צו א געזעצגעבענדער קערפערשאפט מיט פארשלעגע, מיינונגען און אינפארמאציאנען [ווי למשל פון דעם פרעזידענט צום קאנגרעס].

mess'-chest *n.* (מעס'-טשעסט) א שפייז=געשיר=קאסטען אויף א קריעגס=שיף.

mess'-cloth *n.* (מעס'-קלאהטה) א טיש=דעק אויף א קריעגס=שיף.

mess'-deck *n.* (מעס'-דעק) דער דעק אויף א קריעגס=שיף, וואו די מאטראזען עסען.

mes'senger *n.* (מעס'-ענ-דזשער) א שליח, אן איבערברייינגער פון אפיציעלע דאקומענטען; א פארויסלויפער; א וואלקענדעל וואס זאגט אן אויף א שטורם; דער קאבעלאריננ [אן אונענדליכע קייט צום אויפהויבען אן אנקער]; איינער וואס ווערט געריכטליך בעשטימט צו פיהרען די געשעפטען אין פאל פון א באנקראט; א שטיק הארט פאפיער ביים שטריק=ענד פון א פאפיערענער פליהענדער שלאנג, דורך וועלכען מען בלאזט ארוים דאס שטריקעל.

mess'-gear *n.* (מעס'-גיער) געשיר [אויף א שיף].

Messi'ah *n.* (מע-סאי'-א) משיח; יעזוס קריסטוס [דער קריסטליכער משיח].

Messi'ahship *n.* (מע-סאי'-ע-שיפ) משיחות; די שליחות פון משיח; די שליחות פון קריסטוס'ען [אלס דעם קריסטליכען משיח].

Messian'ic *a.* (מעס-אי-ענ'-איק) וואס געהערט צו משיח.

Messi'as *n.* (מע-סאי'-עס) ז. ***Messiah***

messieurs' *n.* (מע-סיעי') העררען, מיינע העררען.

mess'-ket'tle *n.* (מעס'-קעטל) א לאגער=קעסעל אדער פעלד=קעסעל.

mess'-kit *n.* (מעס'-קיט) פעלד=געשיר אדער לאגער=געשיר [די טעפ, לעפעל א. ז. וו. און אויך דער קאסטען פאר דעם געשיר].

mess'-lock'er *n.* (מעס'-לאק'-ער) א געשיר=קעסטעל [אויף א שיף].

mess'making *n.* (מעס'-מיי-קינג) דאס צוזאמענעסען, דאס עסען קאמפאניעסווייז.

mess'mate *n.* (מעס'-מייט) א שיסעלברודער, א טיש=קאמפאניאן [הויפטזעכליך אויף א שיף]; אין זאאלאגיע — חיות וואס שפייזען זיך צוזאמען, אבער ניט אלס פאראזיטען. ז. ***commensal***

mess'-ta'ble *n.* (מעס'-טייבל) אן עס=טיש פאר א גאנצער קאמפאניע.

mess'-traps *n.* (מעס'-טרעפס) ז. ***mess-gear***

mes'suage *n.* (מעס'-הוועדזש) אין יוריספרודענץ — א הויז מיט דעם ארומיגען גרונט און נעבען=געביידען.

mesti'zo *n.* (מעס-טיע'-זאו) א מעסטיצע [איינער פון געמישטער אבשטאמונג, הויפטזעכליך פון שפאניער און אינדיאנער].

met (מעט) בעגעגענט, געטראפען. ז. ***meet***

metab'asis *n.* (מע-טעב'-ע-סיס) אין רעטאריק — אן איבערגאנג [פון איין פונקט צו א צווייטען]; אין מעדיצין — ענדערונג [פון דער לופט, פון דער היילונגס=מעטאדע, פון א קראנקהייט א. ז. וו.].

metabat'ic *a.* (מעט-ע-בעט'-איק) וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון ענערגיע; וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון היץ [פון איין קערפער צו א צווייטען].

metab'ola *n.* (מע-טעב'-א-לא) אין מעדיצין — ענדערונג [פון לופט, פון דער היילונגס=מעטאדע, פון דער קראנקהייט א. ז. וו.].

Metab'ola *n.* (מע-טעב'-א-לא) דער מין אינזעקטען, וואס געהען דורך אלע דריי שטופען פון ענטוויקלונג [א לארווא, א פופע און דאן דער אינזעקט].

metabol'ic *a.* (מעט-ע-באל'-איק) אין זאאלאגיע — מעטאבאליש, וואס איז שייך צו אינזעקטען וואס געהען דורך אלע דריי שטופען [א לארווא, א פופע און דאן אן אינזעקט]; וואס ענדערט די פארם; אין ביאלאגיע — וואס איז שייך צו מעטאבאליזם. ז. ***metabolism***

metab'olism *n.* (מע-טעב'-א-ליזם) מעטאבאליזם [אין ביאלאגיע — די רייה ענדערונגען וואס קומען פאר אין א לעבעדיגען ארגאניזם אדער אין אן איינצעלנער צעלע, דורך וועלכע דער לעבעדיגער שטאף אדער פראטאפלאזמע ווערט פון איין זייט געשאפען און פון דער צווייטער זייט פערוואנדעלט אין אבפאל. דער ערשטער פראצעס ווערט אנגערופען אנאבאליזם, דער צווייטער — קאטאבאליזם]; אין זאאלאגיע — די מעטאמארפאזע, די פארמען=ענדערונג פון אן אינזעקט [די לארווא, די פופע און דער אינזעקט]; אין פאעזיע — די ענדערונג פון מעטער [פערזען=פוס].

metab'olite *n.* (מע-טעב'-א-לאיט) א שטאף וואס ענטוויקעלט זיך דורך מעטאבאליזם. ז. ***metabolism***

metab'olize *v.* (מע-טעב'-א-לאיז) ענדערען דורך מעטאבאליזם, אונטערווארפען דעם פראצעס פון מעטאבאליזם. ז. ***metabolism***

metab'olous *a.* (מע-טעב'-א-לאס) וואס געהט דורך אלע ענטוויקלונגס=פארמען [וועגען אינזעקטען]. ז. ***metabolic***

metab'oly *n.* (מע-טעב'-א-לי) ז. ***metabolism***

metacar'pal *a. and n.* (מעט-ע-קאר'-פעל) וואס איז שייך צו דער מיטעלהאנד; א ביין פון דער מיטעלהאנד [איינער פון די ביינער צווישען דעם האנד=געלענק און די פינגער].

metacarpa'le *n.* (מעט-ע-קאר-פיי'-לי) די מיטעלהאנד [דער ביין צווישען דעם האנד=געלענק און די פינגער].

metacar'pus *n.* (מעט-ע-קאר'-פאס) די מיטעלהאנד [דער טייל פון דער האנד צווישען דעם האנד=געלענק און די פינגער].

metacen'ter *n.* (מעט-ע-סענ'-טער) דער מעטאצענטער [דער פונקט אין א שווימענדען קערפער, אויף וועלכען עס ווירקען די רעזולטירענדע קרעפטען (דער סך הכל פון די קרעפטען) פון דער פליסיגקייט אין וועלכער ער שווימט. כדי א שווימענדער קערפער זאל זיך קענען האלטען אין גלייכגעוויכט, מוז זיין מעטאצענטער זיך געפינען א ביסעל נידריגער ווי זיין שווערפונקט. אין א שיף ווערט דער מעטאצענטער בעשטימט אלס דער פונקט, וואו עס שניידט זיך די ווערטיקאלע ליניע וואס ווערט געצויגען דורך דעם שווערפונקט פון שיף מיט דער וואסער=ליניע].

metacen'tre *n.* (מעט-ע-סענ'-טער) ז. ***metacenter***

metacen'tric *a.* (מעט-ע-סענ'-טריק) מעטאצענטריש, וואס איז שייך צום מעטאצענטער. ז. ***metacenter***

metachro'matism *n.* (מעט-ע-קראו'-מע-טיזם) פארב=ענדערונג [הויפטזעכליך דורך דער ענדערונג אין דער טעמפעראטור].

metachromato'sis *n.* (מעט-ע-קראו-מע-טאו'-סיס) קאליר=ענדערונג.

met'achrome *n.* (מעט'-ע-קראום) עטוואס וואס ענדערט דעם קאליר.

metach'ronism *n.* (מע-טעק'-רא-ניזם) א פעהלער אין צייט=רעכנונג [ווען מען גיט אן א שפעטערדיגען דאטום].

metachro'sis *n.* (מעט-ע-קראו'-סיס) קאליר=ענדערונג [ווי ביים כאמעלעאן].

me'tage *n.* (מי'-טעדזש) מעסטונג [הויפטזעכליך פון קויהלען]; דאס געצאהלט פאר מעסטען [קויהלען].

metagen'esis *n.* (מעט-ע-דזשענ'-ע-סיס) מעטאגענעזיס, גענעראציאנס=וועקסעל [די וועקסלונג אין דער פארם פון פרוכפערען זיך ביי געוויסע מינים בעשעפענישען. אזוי, למשל, קומט פאר די פערמעהרונג אדער פרוכפערונג פון געוויסע מינים ווייכע ים=חיה'לעך אין איין דור דורך געשלעכטליכען פערקעהר און אין צווייטען — דורך אבשפאלטונג].

metagenet'ic *a.* (מעט-ע-דזשי-נעט'-איק) מעטאגענעטיש, וואס איז שייך צו מעטאגענעזים. ז. ***metagenesis***

metagenet'ically *adv.* (מעט-ע-דזשי-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א מעטאגענעטישען אופן. ז. ***metagenesis***

metagen'ic *a.* (מעט-ע-דזשענ'-איק) מעטאגענעטיש. ז. ***metagenesis***

metagnos'tic *a. and n.* (מעט-עג-נאס'-טיק) וואס איז העכער פון פערשטאנד, וואס מען קען ניט בעגרייפען; מעטאפיזיש [ז. ***metaphysics***]; איינער וואס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון א געטליכקייט, וואס מען קען ניט בעגרייפען.

metagnos'ticism *n.* (מעט-עג-נאס'-טי-סיזם) מעטאגנאסטיציזם, די פילאזאפישע לעהרע, אז גאט קען מען בעגרייפען נור דורך א בעזונדערען רעליגיעזען בעוואוסטזיין.

metagnos'tics *n.* (מעט-עג-נאס'-טיקס) מעטאפיזיק. ז. *metaphysics*.

metagram'matism *n.* (מעט-ע-גרעמ'-ע-טיזם) אן אנאגראם [דאס איבערשטעלען די בוכשטאבען פון א ווארט, אום צו בילדען אן אנדער ווארט, ווי למשל, אויסבילדען פון דעם ווארט "טישען" דאס ווארט "שיטען"]; דאס איבערשטעלען די בוכשטאבען פון א נאמען אזוי, אז עס זאלען זיך בעקומען ווערטער וואס האבען א שייכות מיט דער פערזאן וואס טראגט דעם נאמען.

metag'raphy *n.* (מע-טעג'-רע-פי) דאס בעצייכנען די קלאנגען פון איין שפראך מיט בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך [ווי למשל אין דיעזען ווערטער־בוך ביים איבערגעבען אין אידיש די אויסשפראך פון די ענגלישע ווערטער].

met'al *n.* and *v.* (מעט'-על) מעטאל: א צושמאלצענע מאסע [ווי גלאז, למשל]; דאס בליי פון דרוק־זאץ; די שטיינדלעך מיט וועלכע עס איז בעדעקט א וועג; די הארמאטען פון א שיף; דער הויפט שטאף אדער מאטעריאל, פון וועלכען עטוואס איז געמאכט; דער כאראקטער [פון א פערזאן]; בעדעקען מיט מעטאל; בעדעקען א וועג מיט שטיינדלעך.

met'al-cas'ting *n.* (מעט'-על-קעס'-טינג) דאס גיסען מעטאל אין פורעמס; א שטיק מעטאל וואס איז אבגעגאסען געווארען אין א פורעם.

met'aled *a.* (מעט'-עלד) בעדעקט מיט מעטאל; בעדעקט מיט שטיינדלעך [וועגען א וועג]. ז. *macadamize*.

met'al-foun'der *n.* (מעט'-על-פאונ'-דער) א מעטאל־גיסער, א מעטאל־שמעלצער.

met'aline *n.* (מעט'-על-אין) א דראט־פאדים צום נעהען לעדער.

met'aling *n.* (מעט'-על-אינג) די שטיינדלעך, מיט וועלכע מען מאכט א שאסע.

met'alist *n.* (מעט'-על-איסט) ז. *metallist*.

met'alled *a.* (מעט'-עלד) ז. *metaled*.

metal'lic *a.* (מע-טעל'-איק) מעטאליש, וואס איז שייך צו מעטאל, וואס האט די אייגענשאפטען פון מעטאל.

metal'lically *adv.* (מע-טעל'-אי-קעל-אי) ווי מעטאל; מיט דער הילף פון מעטאל; מעטאליש.

metal'lic beds (מע-טעל'-איק בעדז) שיכטען מעטאל אין דער ערד.

metal'lic cur'rency (מע-טעל'-איק קאר'-ען-סי) מעטאל־געלד, מעטאלענע מטבעות.

metallic'ity *n.* (מעט-ע-ליס'-אי-טי) דאס זיין מעטאליש, דאס בעשטעהן פון מעטאל.

metal'lic lus'ter (מע-טעל'-איק לאס'-טער) א מעטאלענער גלאנץ.

metal'lic ox'id (מע-טעל'-איק אק'-סיד) א פערבינדונג פון מעטאל מיט זויערשטאף.

metal'lic pa'per (מע-טעל'-איק פיי'-פער) קרייד־פאפיער [אויף וועלכען מען שרייבט מיט א מעטאל־שטיפט].

metal'lic salts (מע-טעל'-איק סאהלטס) מעטאל־זאלצען [וואס זייער באזע איז א מעטאל אדער א פערבינדונג פון מעטאל מיט זויערשטאף].

metal'lic tin'kling (מע-טעל'-איק טינ'-קלינג) אזא מעטאלענער קלאנג וואס הערט זיך פון די לונגען ביי געוויסע קראנקהייטען.

metallif'erous *a.* (מעט-ע-ליפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס מעטאל.

metal'liform *a.* (מע-טעל'-אי-פארם) עהנליך צו מעטאל.

metal'lify *v.* (מע-טעל'-אי-פאי) פערוואנדלען אין מעטאל.

met'alline *a.* (מעט'-על-אין) מעטאליש, עהנליך צו מעטאל, וואס ענטהאלט מעטאל, וואס בעשטעהט פון מעטאל.

met'alline wa'ter (מעט'-על-אין וואה'-טער) מינעראל־וואסער.

met'alling *n.* (מעט'-על-אינג) ז. *metaling*.

metallisa'tion *n.* (מעט-על-אי-זיי'-שאן) ז. *metallization*.

met'allise *v.* (מעט'-על-איז) ז. *metallize*.

met'allist *n.* (מעט'-על-איסט) א קענער פון מעטאלען; א מעטאל־ארבייטער; א מעטאליסט, איינער וואס פאדערט, אז מעטאלען [גאלד און זילבער] זאלען געברויכט ווערען אלס געלד.

metalliza'tion *n.* (מעט-על-אי-זיי'-שאן) פערוואנדלונג אין מעטאל.

met'allize *v.* (מעט'-על-איז) פערוואנדלען אין מעטאל.

metal'lochrome *n.* (מע-טעל'-א-קראום) פארב־רינגען אויף פאלירטע שטאהלענע פלאטען.

met'allochromy *n.* (מעט'-ע-לא-קראו-מי) מעטאל־פארבונג.

metallograph'ic *a.* (מעט-ע-לא-גרעפ'-איק) מעטאלאגראפיש, וואס איז שייך צו מעטאלאגראפיע [בעשרייבונג פון מעטאלען].

metallog'raphist *n.* (מעט-ע-לאג'-רע-פיסט) א מעטאלאגראפיסט, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט מעטאלאגראפיע [בעשרייבונג פון מעטאלען].

metallog'raphy *n.* (מעט-ע-לאג'-רע-פי) מעטאלאגראפיע, די בעשרייבונג פון מעטאלען; מעטאלען־בעפוצונג; מעטאל־דרוק [דאס דרוקען פון איינגראווירטע מעטאלענע פלאטען].

met'alloid *a.* and *n.* (מעט'-ע-לאיד) וואס איז עהנליך צו מעטאל; וואס איז שייך צו א מעטאלאיד; א מעטאלאיד [א כעמישער עלעמענט וואס איז ניט קיין מעטאל, האט אבער איניגע אייגענשאפטען פון מעטאל].

metalloi'dal *a.* (מעט-ע-לאי'-דעל) מעטאל־עהנליך; וואס איז שייך צו א מעטאלאיד. ז. *metalloid*.

metallur'gic *a.* (מעט-ע-לויר'-דזשיק) מעטאלורגיש, וואס איז שייך צו מעטאלורגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער שמעלצונג פון מעטאלען, זייער ריינינונג א. ז. וו.].

metallur'gical *a.* (מעט-ע-לויר'-דזשי-קעל) ז. *metallurgic*.

metallur'gically *adv.* (מעט-ע-לויר'-דזשי-קעל-אי) אין בעצוג צו מעטאלורגיע, מיט מעטאלורגישע מעטאדען. ז. *metallurgy*.

met'allurgist *n.* (מעט'-על-אויר-דזשיסט) א מעטאלורג, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט מעטאלורגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער שמעלצונג פון מעטאלען, זייער ריינינונג א. ז. וו.].

met'allurgy *n.* (מעט'-על-אויר-דזשי) מעטאלורגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער שמעלצונג פון מעטאלען, זייער ריינינונג א. ז. וו.].

met'als *n.* (מעט'-עלז) רעלסען [שיינען]; מעטאלען.

met'al sheet (מעט'-על שיעט) בלעך.

met'amer *n.* (מעט'-ע-מער) א מעטאמער [א כעמישער שטאף וואס ענטהאלט דיעזעלבע עלעמענטען אין דערזעלבער פראפארציאן און פון דעמזעלבען מאלעקולאר־געוויכט ווי אן אנדער שטאף און איז דאך פערשיעדען פון איהם אין זיינע כעמישע אייגענשאפטען.

met'ameral *a.* (מעט'-ע-מי-רעל) מעטאמעריש. ז. *metamer*.

metamer'ic *a.* (מעט-ע-מויר'-איק) מעטאמעריש. ז. *metamer*.

metamer'ically *adv.* (מעט-ע-מויר'-אי-קעל-אי) מעטאמעריש, אזוי ווי א מעטאמער. ז. *metamer*.

met'amerism *n.* (מעט'-ע-מע-ריזם) מעטאמעריזם [אין כעמיע — די אייגענשאפט פון געוויסע כעמישע שטאפען וועלכע ענטהאלטען דיעזעלבע עלעמענטען אין דערזעלבער פראפארציאן און מיט דעמזעלבינען מאלעקולאר־געוויכט און דאך זיינען זיי פערשיעדען אין זייערע כעמישע אייגענשאפטען].

metamor'phic *a.* (מעט-ע-מאהר'-פיק) מעטאמארפיש, וואס איז שייך צו מעטאמארפיזם אדער אומוואנדלונגען אין פארם און געבוי [הויפטזעכליך פון פעלזען].

metamor'phism *n.* (מעט-ע-מאהר'-פיזם) מעטאמארפיזם, אומענדערונג פון געבוי אדער פארם [הויפטזעכליך פון פעלזען אונטער דער ווירקונג פון היץ, פייכטקייט און דרוק].

metamor'phize *v.* (מעט-ע-מאהר'-פאיז) ארויסרופען א מעטאמארפאזע [אומוואנדלונג, ענדערונג אין פארם אדער געבוי — הויפטזעכליך ווענען פעלזען אונטער דער ווירקונג פון היץ, פייכטקייט און דרוק].

metamorphol'ogy *n.* (מעט-ע-מאהר-פאל'-א-דזשי) דער טייל פון ביאלאגיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט די מעטאמארפאזען אדער אומענדערונגען פון א לעבעדינען ארגאניזם פאר דער גאנצער לעבענס־צייט.

metamorphop'sia *n.* (מעט-ע-מאהר-פאפ'-סי-א) אן אויגען־קראנקהייט, ביי וועלכער מען זעהט אלעס אין אונארדנונג אדער אין א לענגליכער פארם.

metamor'phoscope *n.* (מעט-ע-מאהר'-פא-סקאופ) אזא שפיעלכעל, אין וועלכען פיגורען פון מענשען, חיות און פויגלען ענדערען די קעפ, די פיס און די הענד.

metamor'phose *v.* (מעט-ע-מאהר'-פאוז) זיך אומענדערען, זיך אומוואנדלען; ענדערען דעם געבוי אדער די פארם.

metamor'phoser *n.* (מעט-ע-מאהר'-פאו-זער) איינער וואס פעראורזאכט מעטאמארפאזען, איינער וואס ענדערט אום.

metamorpho'sic *a.* (מעט-ע-מאהר-פאו'-סיק) וואס איז שייך צו א מעטאמארפאזע אדער אומוואנדלונג; וואס פעראורזאכט מעטאמארפאזען.

metamor'phosis *n.* (מעט-ע-מאהר'-פא-סיס) א מעטאמארפאזע, אן אומוואנדלונג, אן אומענדערונג [ווי פון א לעבעדיגען ארגאניזם אין דעם פראצעס פון ענטוויקלונג, אדער פון דער אומוואנדלונג פון איין פלאנצען־טייל אין א צווייטען א. ז. וו. (די אילוסטראציאן בעווייזט

די מעטאמארפאזען אדער די אומוואנדלונגס-שטופען פון א פראש)].



Metamorphosis

metamorphot'ic *a.* (מעט-ע-מאהר-פאט'-איק) וואס איז שייך צו מעטאמארפאזען אדער אומוואנדלונגען, וואס בעשטעהט פון מעטאמארפאזען.

met'amorphy *n.* (מעט'-ע-מאהר-פי) ז. *metamorphosis*

met'aphor *n.* (מעט'-ע-פאר) א מעטאפארע, א בילדליכע אדער איבערטראגענע רעדענס-ארט, א מליצה [אזא רעדענס-ארט, וואו מען גיט צו א זאך אן אייגענשאפט, וועלכע זי האט געוועהנליך ניט און וועלכע מען קען איהר געבען בלויז אויף'ן גרונד פון איהר עהנליכקייט צו אן אנדער זאך. למשל: קריסטאלענע וואסער, בריליאנטענע פעהיגקייטען, די·זון שיסט מיט גליהענדע פיילען א. ז. וו.].

metaphor'ic *a.* (מעט-ע-פאר'-איק) מעטאפאריש, בילדליך, פערגלייכליך, וואס ווערט געברויכט בלויז בדרך מליצה. ז. *metaphor*

metaphor'ical *a.* (מעט-ע-פאר'-אי-קעל) ז. *metaphoric*

metaphor'ically *adv.* (מעט-ע-פאר'-אי-קעל-אי) אויף א מעטאפארישען אופן; בדרך מליצה. ז. *metaphor*

metaphor'icalness *n.* (מעט-ע-פאר'-אי-קעל-נעס) דאס זיין מעטאפאריש אדער בילדליך [אין אויסדריקע]. ז. *metaphor*

met'aphorist *n.* (מעט'-ע-פאר-איסט) איינער וואס געברויכט מעטאפארען, איינער וואס רעדט אדער שרייבט אין א בילדליכער שפראך, מיט מליצה. ז. *metaphor*

metaphos'phate *n.* (מעט-ע-פאס'-פייט) אין כעמיע — דאס מעטאפאספאט [א זאלץ וואס בעקומט זיך דורך דער פעראייניגונג פון מעטאפאספאר-זויערע מיט א באזע, ד. ה. מיט א כעמישער פעראבינדונג פון א מעטאל מיט זויערשטאף]. ז. *metaphosphoric acid*

metaphosphor'ic *a.* (מעט-ע-פאס-פאר'-איק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו פאספאר אדער פאספאר-זויערע.

metaphosphor'ic ac'id (מעט-ע-פאס-פאר'-איק עס'-איד) מעטאפאספאר-זויערע, א פאספאר-זויערע, וואס ענטהאלט ניט אין זיך קיין וואסערשטאף.

met'aphrase *n. and v.* (מעט'-ע-פרייז) א ווערטליכע אדער בוכשטעבליכע איבערזעצונג; א רעפארטיע, א שנעלער, שארפער ענטפער; א תשובה כהלכה; איבערזעצעןווארט ביי ווארט, בוכשטעבליך איבערזעצען.

metaph'rasis *n.* (מע-טעפ'-רע-סים) ז. *metaphrase*

met'aphrast *n.* (מעט'-ע-פרעסט) איינער וואס איבערזעצט בוכשטעבליך פון איין שפראך אין אן אנדערער.

metaphras'tic *a.* (מעט-ע-פרעס'-טיק) וואס איבערזעצט אדער איז איבערזעצט ווערטערליך אדער בוכשטעבליך.

metaphras'tical *a.* (מעט-ע-פרעס'-טי-קעל) ז. *metaphrastic*

metaphys'ic *a. and n.* (מעט-ע-פיז'-איק) מעטאפיזיש; מעטאפיזיק. ז. *metaphysics*

metaphys'ical *a.* (מעט-ע-פיז'-אי-קעל) וואס איז שייך צו מעטאפיזיק אדער צו די מעטאפיזיקער; אבסטראקט; למעלה מן השכל; וואס איז שייך צו א זאך, וועלכע מען קען ניט בעגרייפען מיט די חושים; טראנסצעדענטאל. ז. *metaphysics*

metaphys'ically *adv.* (מעט-ע-פיז'-אי-קעל-אי) פון א מעטאפיזישען שטאנדפונקט; דורך א מעטאפיזישער סברה: בנוגע צו מעטאפיזיק. ז. *metaphysics*

metaphysi'cian *n.* (מעט-ע-פי-זיש'-ען) א מעטאפיזיקער, איינער וואס גיט זיך אב מיט פראגען, וואס זיינען שייך צו מעטאפיזיק. ז. *metaphysics*

metaphys'icist *n.* (מעט-ע-פיז'-אי-סיסט) ז. *metaphysician*

metaphys'ics *n.* (מעט-ע-פיז'-איקס) מעטאפיזיק, די וויסענשאפט איבער זאכען און פרינציפען אין דער פיזישער און גייסטיגער וועלט, וועלכע קענען בעגריפען ווערען נור מיט'ן שכל, אבער ניט דורך די חושים און ערפאהרונג; די לעהרע איבער זאכען וואס זיינען למעלה מן הטבע.

metaph'ysis *n.* (מע-טעפ'-אי-סים) די אומבייטונג אין דער נאטור; מעטאמארפאזע. ז. *metamorphosis*

met'aplasm *n.* (מעט'-ע-פלעזם) אין גראמאטיק — מעטאפלאזם, די ענדערונג פון א ווארט דורך ארויסלאזען, צוגעבען אדער איבערשטעלען א בוכשטאב אדער זילבע; אין באטאניק — א געוויסע פארם פון פראטאפלאזמע, וועלכע בילדעט אוים די ווענטלעך פון א צעלע.

met'aplast *n.* (מעט'-ע-פלעסט) אין גראמאטיק — א ווארט וואס האט זיך געענדערט דורך דעם, וואס פון איהם איז ארויסגעלאזען אדער צו איהם איז צוגעקומען א בוכשאב אדער זילבע.

metaplas'tic *a.* (מעט-ע-פלעס'-טיק) וואס איז שייך צו א מעטאפלאזם. ז. *metaplasm*

metaplastol'ogy *n.* (מעט-ע-פלעס-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען מעטאמארפאזען אדער אומענדערונגען אין דער נאטור.

metapsycho'sis *n.* (מע-טעפ-סי-קאו'-סים) די בעאיינפלוסונג אדער ווירקונג פון איין גייסט אויף'ן צווייטען [ווי דורך היפנאטיזם א. ד. ג.].

metapto'sis *n.* (מעט-עפ-טאו'-סים) אין לאגיק — די פערוואנדלונג פון א פאלשען זאץ אדער בעהויפטונג אין אן אמת'ען און פערקעהרט; אין מעדיצין — די פערוואנדלונג פון איין קראנקהייט אין אן אנדערער.

metar'gon *n.* (מעט-אר'-גאן) מעטארגאן, א מין גאז, וועלכער איז איינער פון די זעקס עלעמענטען [וויערשטאף, שטיקשטאף, ארגאן, קריפטאן, נעאן און מעטארגאן, אויסער וואסער-שטאף און קויהלען-זויערע], פון וועלכע עס בעשטעהט די לופט.

metas'tasis *n.* (מע-טעס'-טע-סים) מעטאסטאזים, די פערוואנדלונג פון איין שטאף אין אן אנדערען: דער איבערגאנג פון א קראנקהייט פון איין טייל פון קערפער צו אן אנדערען.

metastat'ic *a.* (מעט-ע-סטעט'-איק) וואס געהערט צו מעטאסטאזים. ז. *metastasis*

metastat'ically *adv.* (מעט-ע-סטעט'-אי-קעל-אי) אויף א מעטאסטאטישען אופן. ז. *metastasis*

metasthen'ic *a.* (מעט-ע-סטהען'-איק) וואס האט די קראפט אדער דאס געוויכט אין הינטערשטען טייל פון קערפער [ווי א קענגורו א. ד. ג.].

metatar'sal *a. and n.* (מעט-ע-טאר'-סעל) וואס איז שייך צום מיטעל-פוס [די פינף בעזונדערע אדער צוזאמענגעוואקסענע ביינער צווישען דעם קנעכעל און די פינגער]; איינער פון די ביינער פון מיטעל-פוס.

metatarsa'le *n.* (מעט-ע-טאר-סיי'-ליע) א ביין פון מיטעל-פוס [איינער פון די בעזונדערע אדער צוזאמענגעוואקסענע ביינער צווישען דעם קנעכעל און די פינגער].

met'atarse *n.* (מעט'-ע-טארס) ז. *metatarsus*

metatar'sus *n.* (מעט-ע-טאר'-סאס) דער מעטאטארסוס אדער מיטעל-פוס [דער טייל פוס צווישען דעם קנעכעל און די פינגער. בעשטעהט פון פינף בעזונדערע אדער צוזאמענגעוואקסענע ביינער].

metath'esis *n.* (מע-טעטה'-ע-סים) אין גראמאטיק — דאס איבערשטעלען בוכשטאבען אין א ווארט [ווי די ווערטער "שמאקטשען" אין "שמאטשקען"]; אין מעדיצין — דער איבערגאנג פון א קראנקהייט פון איין טייל פון קערפער צו אן אנדערען; אין לאגיק — דאס אומקעהרען פון א זאץ [ווי למשל דאס פערוואנדלען דעם זאץ: "די נעגערס זיינען שווארצע מענשען" אין דעם זאץ "די שווארצע מענשען זיינען נעגערס"].

metathet'ic *a.* (מעט-ע-טהעט'-איק) וואס איז שייך צו דער אומבייטונג פון א ווארט אדער זאץ; וואס געהערט צום איבערגאנג פון א קראנקהייט פון איין טייל פון קערפער אין אן אנדערען. ז. *metathesis*

metathet'ical *a.* (מעט-ע-טהעט'-אי-קעל) ז. *metathetic*

meta'yage *n.* (מע-טיי'-יעדזש) די סיסטעם פון אגריקולטור, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס דער אייגענטימער פון א שטיק לאנד גיט עס אב איינעם צו בעארבייטען און דערפאר צוטיילען זיי צווישען זיך די פראדוצירטע תבואות.

meta'yer *n.* (מע-טיי'-יער) איינער וואס גיט אב אן אנדערען א שטיק לאנד צו בעארבייטען און דערפאר טיילט זיך יענער מיט איהם מיט די תבואות.

Metazo'a *n.* (מעט-ע-זאו'-א) אין זאאלאגיע — די מעטאזאען, אלע מינים לעבעדיגע בעשעפענישען אויסער די פראטאזאען אדער די איינפאכסטע איין-צעליגע טהיערע [אלע מעטאזאען האבען א קאמפליצירטען פיעל-צעליגען ארגאניזם און פערמעהרען זיך דורך סעקסועלען פערקעהר פון א זכר מיט א נקבה].

metazo'an *a. and n.* (מעט-ע-זאו'-ען)

וואס איז שייך צו די מעטאזאען; איינער פון דער אבטיילונג מעטאזאען. ז. *Metazoa*

metazo'ic *a.* (מעט-ע-זאו'-איק) וואס איז שייך צו די מעטאזאען. ז. *Metazoa*

metazo'on *n.* (מעט-ע-זאו'-און) א מעטאזאאן, איינער פון די קאמפליצירטע פיעל-צעליגע ארגאניזמען, וועלכע פערמעהרען זיך דורך געשלעכטליכען פערקעהר פון א זכר מיט א נקבה.

mete *v. and n.* (מיעט) מעסטען, אבמעסטען; זיין א מאס פון עפעס; א מאס; א גרענעץ; אן אבגרענצונג.

metempir'ic *n.* (מעט-עם-פיר'-איק) אן אנהענגער פון דער טראנסצעדענטאלער פילאזאפיע [די פילאזאפיע, וועלכע בויט זיך אויף שכל'דיגע שלוס-פאלגערונגען און ניט אויף פאקטען פון ערפאהרונג].

metempir'ical *a.* (מעט-עם-פיר'-אי-קעל) אין פילאזאפיע — וואס איז ניט עמפיריש; וואס איז ניט געגרינדעט אויף ערפאהרונג; טראנסצעדענטאל.

metempir'icism *n.* (מעט-עם-פיר'-אי-סיזם) א פילאזאפישע סיסטעם, וועלכע איז געבויט אויף שכל'דיגע חקירות און ניט אויף'ן גרונד פון ערפאהרונגען.

metempir'icist *n.* (מעט-עם-פיר'-אי-סיסט) ז. *metempiric*

metemp'sychose *v.* (מע-טעמפ'-סי-קאוז) איבערזעצען די נשמה פון איין גוף אין אן אנדערען; פעראורזאכען גלגול הנפש.

metempsycho'sis *n.* (מע-טעמפ-סי-קאו'-סיס) מעטעמפסיכאזיס, די זעעלען-וואנדערונג, די איבערזעצונג פון די נשמות; גלגול הנפש.

metempsycho'size *v.* (מע-טעמפ-סי-קאו'-סאיז) מגולגל ווערען; אריבערגעזעצט ווערען פון איין גוף אין אן אנדערען [וועגען דער נשמה].

metempto'sis *n.* (מעט-עמפ-טאו'-סיס) דאס אויסגלייכען דעם זון-לוח מיט דעם לבנה-לוח דערמיט, וואס מען ווארפט ארויס איין עבור-טאג איין מאל אין 134 יאהר.

me'teor *n.* (מי'-טי-אר) א מעטעאר, אן ערשיינונג אין דער אטמאספערע אדער לופט; א פייעריגער אדער שיינענדער קערפער, וואס פליהט אין דער אטמאספערע; א שטיין וואס פאלט פון הימעל; א זאך וואס גלאנצט, אבער געהט שנעל פאריבער.

meteor. אבקירצונג פון *meteorology* אדער פון *meteorological*

meteor'ic *a.* (מי-טי-אר'-איק) מעטעאריש; וואס געהערט צו לופט-ערשיינונגען; וואס קומט פון וועטער אדער לופט-ערשיינונגען; וואס איז שייך צו א מעטעאר אדער פאלענדען שטערען.

meteor'ical *a.* (מי-טי-אר'-אי-קעל) ז. *meteoric*

meteor'ic i'ron (מי-טי-אר'-איק אי'-ערן) ז. *meteorite*

meteor'ic show'ers (מי-טי-אר'-איק שאו'-ערז) א רעגען פון מעטעארען; שטיינער וואס פאלען פון הימעל אין גרויסע מאסען [דיעזע ערשיינונג אין דער אטמאספערע טרעפט זיך פעריאדיש, בעזונדערס אין די מאנאטען אויגוסט און נאוועמבער].

me'teorism *n.* (מי'-טי-א-ריזם) אין מעדיצין — טימפאניטיס, אן אנקלייבונג פון גאזען אין בויך, דורך וועלכע דער בויך ווערט אויפגעשוואלען און קלינגט ווען מען קלאפט אין איהם.

me'teorite *n.* (מי'-טי-אר-איט) א מעטעאריט, א מעטאל אדער שטיין-מאסע וואס פאלט פון הימעל.



Meteorite

meteorit'ic *a.* (מי-טי-א-ריט'-איק) וואס איז שייך צו א מעטעאריט. ז. *meteorite*

meteorog'raphy *n.* (מי-טי-א-ראג'-רע-פי) מעטעאראגראפיע, דאס פערשרייבען אדער פערצייכנען די ערשיינונגען פון דער אטמאספערע; מעטעאראלאגיע. ז. *meteorology*

me'teoroid *n.* (מי'-טי-א-ראיד) א מעטעאראאיד, א הימלישער קערפער וואס בעוועגט זיך אין רוים און ווען ער קומט אין דער אטמאספערע פון דער ערד, זעהט מען איהם ווי א מעטעאר.

meteoroi'dal *a.* (מי-טי-א-ראי'-דעל) וואס איז שייך צו מעטעראאידען. ז. *meteoroid*

me'teorolite *n.* (מי'-טי-א-רא-לאיט) ז. *meteorite*

meteorolog'ic *a.* (מי-טי-א-רא-לאדזש'-איק) ז. *meteorological*

meteorolog'ical *a.* (מי-טי-א-רא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו מעטעאראלאגיע. ז. *meteorology*

meteorolog'ically *adv.* (מי-טי-א-רא-לאדזש'-אי-קעל-אי) מעטעאראלאגיש; בנוגע צו מעטעאראלאגיע; לויט די כללים פון מעטעאראלאגיע. ז. *meteorology*

meteorol'ogist *n.* (מי-טי-א-ראל'-א-דזשיסט) א מעטעאראלאג, א קענער פון מעטעאראלאגיע. ז. *meteorology*

meteorol'ogy *n.* (מי-טי-א-ראל'-א-דזשי) מעטעאראלאגיע, די וויסענשאפט וועגען די ערשיינונגען אין דער אטמאספערע, בעזאנדערס וועגען וועטער.

me'teoromancy *n.* (מי'-טי-א-רא-מען-סי) דאס טרעפען אדער נביאות-זאגען דורך מעטעארישע ערשיינונגען.

me'ter *n. and v.* (מי'-טער) א מעסטער, איינער וואס מעסט; דאס מיט וואס מען מעסט עפעס [אן אפאראט, וועלכער בעווייזט אויטאמאטיש די קוואנטיטעט, קראפט אדער דרוק פון פליסיגקייט, גאז אדער עלעקטריציטעט וואס פליסט דורך איהם]; א מעטער [א פראנצויזישע לענגע-מאס. ענטהאלט עטוואס מעהר פון א יארד מיט דריי אינטשעס]; אין פאעזיע אדער ליעדער-שרייבען — דער מעטער, דער טייל פון שורה אין געדיכט וואס טיילט זיך אב פון די אנדערע טיילען דורך'ן אקצענט [דער מעטער בעשטעהט געוועהנליך פון דער זילבע, אויף וועלכער עס שטעהט דער אקצענט צוזאמען מיט די איבריגע זילבען וואס ציהען זיך צו צו איהר]; אין מוזיק — דער כאראקטער פון א קאמפאזיציאן, אויף וויפיעל זי איז איינגעטיילט אין טאקטען אדער בעשטימטע צייט-מאסען; אין פישרייען — איינע פון די צוויי גראבע שטריק, וואס זיינען צוגעבונדען צום אויבערשטען און אונטערשטען ברעג פון א נעץ; מעסטען דורך א מעסטונג-אפאראט.

me'terage *n.* (מי'-טער-עדזש) מעסטונג; דער רעזולטאט פון מעסטען; דאס געצאהלט פאר מעסטען.

me'ter-pump *n.* (מי'-טער-פאמפ) אן אפאראט, אין וועלכען מען נעהמט אריין לופט צו מאכען געוויסע אנאליזען אין וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען.

metes and bounds (מיעטס ענד באונדז) די איינשליסונג; די גרענעץ-ליניע.

metes'thetism *n.* (מעט-עס'-טהע-טיזם) מעטעסטעטיזם, די מאניסטישע לעהרע, אז גייסט איז אן אייגענשאפט פון שטאף און ערשיינט אויף געוויסע ענטוויקלונגס-שטופען פון שטאף.

meth'ane *n.* (מעטה'-איין) מעטהאן [א מין גאז וואס האט ניט קיין קאליר און גערוך און איז א וויכטיגער בעשטאנדטייל פון בעלייכטונגס-גאז].

methanom'eter *n.* (מעטה-ע-נאמ'-ע-טער) אן אפאראט אויטאמאטיש צו בעשטימען וויפיעל מעטהאן [אזא גאז] עס געפינט זיך אין א קויהלען-גרוב. ז. *methane*

metheg'lin *n.* (מי-טהעג'-לין) א מין מעד, א מין האניג-געטראנק.

meth'er *n.* (מעטה'-ער) אזא כלי צו טרינקען מעד.

methinks' *v.* (מי-טהינקס') מיר דאכט זיך, מיר שיינט, מיר זעהט אויס.

Methinks I have lost my way on this road.

meth'od *n.* (מעטה'-אד) א מעטאדע, א סדר; אן ארט; א סיסטעם.

method'ic *a.* (מע-טהאד'-איק) מעטאדיש, געארדנעט, מיט א סדר.

method'ical *a.* (מע-טהאד'-אי-קעל) ז. *methodic*

method'ically *adv.* (מע-טהאד'-אי-קעל-אי) אויף א מעטאדישען אדער סיסטעמאטישען אופן.

method'ics *n.* (מע-טהאד'-איקס) מעטאדיק אדער מעטאדאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען די מעטאדען ווי אזוי צו שטודירען א געוויסע פראגע].

methodisa'tion *n.* (מעטה-אד-אי-זיי'-שאן) ז. *methodization*

meth'odise *v.* (מעטה'-אד-איז) ז. *methodize*

meth'odism *n.* (מעטה'-אד-איזם) דער פרינציפ פון האנדלען לויט א געוויסער מעטאדע אדער סיסטעם.

Meth'odism *n.* (מעטה'-אד-איזם) די לעהרע פון די מעטאדיסטען. ז. *Methodist*

Meth'odist *n. and a.* (מעטה'-אד-איסט) א מעטאדיסט, איינער פון א קריסטליכער סעקטע, וועלכע איז ענטשטאנען פון א רעליגיעזער בעוועגונג, וואס האט

זיך אנגעפאנגען אין אקספארד אין אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט אונטער דער פיהרונג פון דזשאהן וועסלי; אין אלט-גריכענלאנד — א מעטאדיסט אדער דאגמאטיקער [איינער פון א גרופע דאמאלסדיגע דאקטוירים, וועלכע פלעגען היילען קראנקע לויט געוויסע דאגמען און טעארעטישע השערות]; וואס איז שייך צו דער קריסטליכער סעקטע מעטאדיסטען אדער צו זייער קירך.

meth'odist *n.* (מעטה'-אד-איסט) אייגער וואס דענקט אדער האנדעלט לויט א בעשטימטער מעטאדע אדער סיסטעם; א מעטאדיקער: א בעל-סדר.

Meth'odist Epis'copal Church (מעטה' - אד - איסט אי - פיס' - קא - פעל טשוירטש) די קירך פון דער קריסטליכער סעקטע מעטאדיסטען. ז. ***Methodist***

Methodis'tic *a.* (מעטה-א-דיס'-טיק) וואס איז שייך צו דער מעטאדיסטישער קירך. ז. ***Methodist***.

methodis'tic *a.* (מעטה-א-דיס'-טיק) מעטאדיסטיש; לויט א געוויסער מעטאדע אדער סיסטעם; שטרענג אויסגעהאלטען; פינקטליך.

Methodis'tical *a.* (מעטה-א-דיס'-טי-קעל) ז. ***Methodistic***

Methodis'tically *adv.* (מעטה-א-דיס'-טי-קעל-אי) מעטאדיסטיש: לויט די מנהגים פון די מעטאדיסטען; בנוגע צו די מעטאדיסטען. ז. ***Methodist***

methodiza'tion *n.* (מעטה-אד-אי-זיי'-שאן) דאס ברייגגען צו א מעטאדע אדער סיסטעם; דאס איינגעארדנעט ווערען לויט א געוויסער מעטאדע.

meth'odize *v.* (מעטה'-אד-איז) ארדנען מיט א מעטאדע, מאכען מיט א סדר; זיין מעטאדיש; האלטען זיך לויט א געוויסער מעטאדע.

meth'odizer *n.* (מעטה'-אד-אי-זער) איינער וואס ברייגגט צו א מעטאדע אדער סיסטעם.

meth'od of agree'ment (מעטה'-אד אוו ע-גריע'-מענט) די מעטאדע פון גלייכהייט אדער עהנליכקייט [דער כלל פון וויסענשאפטליכען דענקען, אז ווען אן ערשיינונג ווערט אונטערזוכט אונטער פערשיעדענע אומשטענדען און ביי יעדען פון דיעזע אומשטענדען קומט ארויס אייגער און דערזעלבער רעזולטאט — הייסט דאס, אז די אורזאך פון דיעזען רעזולטאט איז די ערשיינונג גופא און ניט דער אדער יענער אומשטאנד].

meth'od of dif'ference (מעטה'-אד אוו דיפ'-ער-ענס) די מעטאדע פון דיפערענץ אדער אונטערשיעד [דער כלל פון וויסענשאפטליכען דענקען, אז ווען אן ערשיינונג ווערט אונטערזוכט אונטער פערשיעדענע אומשטענדען און ביי איין אומשטאנד קומט ארויס א געוויסער רעזולטאט אין דער צייט ווען ביי אן אנדער אומשטאנד קומט דיעזער רעזולטאט ניט ארויס — הייסט דאס, אז די אורזאך פון דיעזען רעזולטאט איז ניט די ערשיינונג גופא, נאר דער אדער יענער אומשטאנד].

methodolog'ical *a.* (מעטה-אד-א-לאדזש'-אי-קעל) מעטאדאלאגיש, וואס איז שייך צו מעטאדאלאגיע.
ז. ***methodology***

methodol'ogist *n.* (מעטה-א-דאל'-א-דזשיסט) א מעטאדאלאגיסט; א קענער פון מעטאדאלאגיע.
ז. ***methodology***

methodol'ogy *n.* (מעטה-א-דאל'-א-דזשי) מעטאדאלאגיע, די לעהרע - ווענען די מעטאדען און ווענען ווי אזוי צו מאכען פארשונגען און אונטערזוכונגען אין פערשיעדענע צווייגען פון דער וויסענשאפט.

methoma'nia *n.* (מעטה-א-מיי'-ני-א) מעטאמאניע אדער אלקאהאליזם [א קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין א ליידענשאפטליכען בעגעהר נאך אלקאהאלישע משקאות]

methought' (מי-טהאהט') מיר האט זיך געדאכט. ז. ***methinks***

meth'yl *n.* (מעטה'-איל) — אין כעמיע מעטהיל, דער ראדיקאל אדער הויפטעלעמענט פון מעטהיל-אלקאהאל, עסיגזויערע א. ד. ג.

meth'yl al'cohol (מעטה'-איל על'-קאו-האל) מעטהיל-אלקאהאל [א ספיריט וואס ווערט געטריבען פון האלץ און עסיג-זויערע און ווערט געברויכט צו ברענען].

meth'ylate *v.* (מעטה'-אי-לייט) מישען מיט מעטהיל. ז. ***methyl***

methyl'ic *a.* (מע-טהיל'-איק) וואס איז שייך צו מעטהיל. ז. ***methyl***

meth'ysis *n.* (מעטה'-אי-סיס) די קראנקהייט פון אלקאהאליזם אדער שכרות.

met'ic *n.* (מעט'-איק) אין אלט-גריכענלאנד — דער מעטעקע [אן אויסלענדער, וועלכער איז געווארען א תושב אין לאנד]; אן אימיגראנט וואס וואהנט שוין לאנג אין לאנד.

metic'ulous *a.* (מי-טיק'-יו-לאס) פורכטזאם, שרעקעדיג, פחדנ'יש.

me'tif *n.* (מי'-טיף) איינער וואס שטאמט אב פון געמישטע עלטערען, פון א ווייסען און א מולאט.

me'ting *n.* (מיע'-טינג) דאס מעסטונג; מעסטען.

Me'tis *n.* (מי'-טיס) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — מעטיס, די געטין פון פארזיכטיגקייט; איינע פון די קליינע פלאנעטען וואס בעוועגען זיך ארום דער זון; א מין מאלוסקען.

métis' *n.* (מיי-טיס') איינער וואס האט אין זיך געמישט בלוט פון פערשיעדענע ראסען.

Meton'ic *a.* (מע-טאנ'-איק) וואס איז שייך צום אלט-גריכישען אסטראנאם מעטאן אדער צו זיינע לעהרען.

Meton'ic cy'cle (מע-טאנ'-איק סאיקל) דער מעטאנישער ציקל, די צייט-רעכונג, וועלכע עס האט איינגעפיהרט דער גריכישער אסטראנאם מעטאן אין יאהר 432 פאר קריסטוס'עס געבורט [מעטאן האט געשטרעבט אויסצוגלייכען דאס לבנה-יאהר מיט דעם זונען-יאהר און דעריבער האט ער איינגעפיהרט די רעכנונג פון אן עבור-יאהר, ד. ה., אז אין יעדען ציקל אדער תקופה פון 19 יאהר זאלען 12 יאהר ענטהאלטען צו 12 חדשים און די איבריגע 7 יאהר צו 13 חדשים].

metonym'ic *a.* (מעט-א-נימ'-איק) וואס איז שייך צו א מעטאנימיע.
ז. ***metonymy***

metonym'ical *a.* (מעט-א-נימ'-אי-קעל) ז. ***metonymic***

metonym'ically *adv.* (מעט-א-נימ'-אי-קעל-אי) דורך מעטאנימיע.
ז. ***metonymy***

meton'ymy *n.* (מע-טאנ'-אי-מי) מעטאנימיע, ווארט-פערבייטונג, ווארט-טוישונג [די בענוצונג בלשון מליצה פון איין ווארט אנשטאט אן אנדערען, ווי צ. ב. "טיש" אנשטאט "קעסט"].

met'ope *n.* (מעט'-א-פי) אין ארכיטעקטור — די מעטאפע [א פיער-עקיגע פלאטע מיט אויסגעשניצטע פיגורען וואס שטעלט זיך ארייז אין קארניז פון געוויסע זיילען צווישען די טריגליפען]. ז. ***triglyph***


A. Metope of Doric Order

metopos'copy *n.* (מעט-א-פאס'-קא-פי) מעטאפאסקאפיע אדער חכמת הפרצוף [דאס טרעפען דעם כאראקטער און די געדאנקען אדער ווילען פון א מענשען לויט די שטריכען פון זיין געזיכט].

metral'gia *n.* (מי-טרעל'-דזשי-א) אין מעדיצין — מעטראלגיע, א וועהטאג אין דער געבעהר-מוטער.

me'tre *n.* (מי'-טער) ז. ***meter***

met'ric *a.* (מעט'-ריק) — אין פאעזיע מעטריש, וואס האט א מעטער אדער פאעטישען ריטם; וואס איז שייך צום מעסטען א געוויסען מרחק; וואס איז שייך צו דער מעטרישער סיסטעם.
ז. ***metric system***

met'rical *a.* (מעט'-רי-קעל) וואס איז שייך צום מעסטען; וואס ווערט בענוצט אין מעסטען; וואס איז שייך צום מעטער אדער פאעטישען ריטם; געשריבען מעטריש.

met'rically *adv.* (מעט'-רי-קעל-אי) אויף א מעטרישען אדער געמאסטענעם שטייגער.

metri'cian *n.* (מי-טריש'-ען) א גראמען-שרייבער; איינער וואס שרייבט שירים אדער ליעדער.

met'ricist *n.* (מעט'-רי-סיסט)
ז. ***metrician***

met'ric sys'tem (מעט'-ריק סיס'-טעם) די מעטרישע סיסטעם, די פראנצויזישע מעסטונג-סיסטעם, פון וועלכער די איינהייט-מאס איז א מעטער [ענטהאלט עטוואס מעהר פון 39 צאל אדער אינטשעס]. די העכערע מאס איז א דעקאמעטער אדער 10 מעטער, די נאך העכערע איז א העקטאמעטער אדער 10 דעקאמעטער א. ז. וו. יעדע העכערע מאס איז גרעסער פון דער פריהריגער אין 10 מאל [דיזעע סיסטעם איז אנגעווענדעט ניט נור בנוגע צו דער לענג-מאס, נאר אויך צו אלע אנדערע מאסען].

met'rify *v.* (מעט'-רי-פאי) שרייבען מעטריש; פערפאסען שירים.

me'trist *n.* (מי'-טריסט)
ז. ***metrician***

met'rochrome *n.* (מעט'-רא-קראום) א מעטראכראם, אן אינסטרומענט צו מעסטען פארבען אדער קאלירען.

metroc'racy *n.* (מי-טראק'-רע-סי) מוטער-הערשונג [ווי עס איז איינגעפיהרט ביי פערשיעדענע ווילדע שבטים, דאס ניט דער פאטער, נאר די מוטער איז די הערשערין אין דער פאמיליע].

met'rograph *n.* (מעט'-רא-גרעף) א מעטראגראף, אן אפאראט וואס פערצייכענט די שנעלקייט פון גאנג פון אן אייזענבאהן און די צייט פון איהר קומען און אוועקגאנג פון יעדער סטאנציאן.

metrolog'ical *a.* (מעט-רא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו מעטראלאגיע. ז. ***metrology***

metrol'ogy *n.* (מעט-ראל'-א-דזשי) מעטראלאגיע, די לעהרע ווענען וואג און מאס; די וויסענשאפט ווענען דער וואג און מאס פון פערשיעדענע לענדער.

metroma'nia *n.* (מעט-רא-מיי'-ני-א) מעטראמאניע, א מאניע אדער קרענקליכע ליידענשאפט צו פערפאסען געדיכטע [שירים].

metroma'niac *a.* (מעט-רא-מיי'-ני-עק) וואס האט א קרענקליכע ליידענשאפט צו פערפאסען געדיכטע.

metrom'eter *n.* (מעט-ראמ'-ע-טער) ז. *metronome*

met'ronome *n.* (מעט'-רא-נאום) א מעטראנאם אדער טאקט=מעסטער [אן אינסטרומענט וואס מעסט דעם טאקט אין מוזיק. ווערט בענוצט ביי שפיעלען פיאנא].



Metronome

metron'omy *n.* (מעט-ראנ'-א-מי) דאס בענוצען א מעטראנאם אדער טאקט=מעסטער [צו מעסטען דעם טאקט אין מוזיק].

met'ronym *n.* (מעט'-רא-נים) א נאמען, וואס שטאמט פון דער מוטער'ס נאמען. ז. *metronymic*

metronym'ic *a. and n.* (מעט-רא-נימ'-איק) וואס נעהמט זיך אדער וואס שטאמט פון דער מוטער'ס נאמען; א נאמען וואס נעהמט זיך פון א פרויען=נאמען [ווי דער נאמען פייגין — פון פייגע; ליפשיץ — פון ליפשע]; וואס איז שייך צו יענער געזעלשאפטליכער ארדנונג, וואו דאס קינד טראגט דער מוטער'ס נאמען און בעלאנגט צו דער מוטער'ס פאמיליע.

metron'ymy *n.* (מעט-ראנ'-אי-מי) קרובה'שאפט און נעמען נאך דער מוטער'ס צד. ז. *metronymic*

metrop'olis *n.* (מי-טראפ'-א-ליס) ביי די אלטע גריכען — די מעטראפאליע, דאס מוטער=לאנד אין געגענזאץ צו די קאלאניען [דאס לאנד, פון וועלכען א טייל איינוואהנער זיינען אוועק און האבען אויסגעבילדעט א קאלאניע]; ביי די אלטע רוימער — די רעגיערונגס=שטאדט [די שטאדט, וואו עס איז קאנצענטרירט די פערוואלטונג פון א פראווינץ]; די הויפט=שטאדט; די רעזידענץ=שטאדט פון א מעטראפאליט אדער ארצבישאף.

metropol'itan *a. and n.* (מעט-רא-פאל'-אי-טען) וואס געהערט צו דער מעטראפאליע אדער צו דער הויפט=שטאדט פון לאנד; וואס איז שייך צו דער רעזידענץ=שטאדט פון א מעטראפאליט אדער ארצבישאף; א מעטראפאליט אדער ארצבישאף.

metropol'itanate *n.* (מעט-רא-פאל'-אי-טען-אייט) דאס אמט אדער דער בעזיץ פון א מעטראפאליט.

metropol'itanism *n.* (מעט-רא-פאל'-אי-טען-איזם) דאס זיין א מעטראפאליע אדער הויפט=שטאדט; גרויס=שטעדטישקייט.

metropol'itanize *v.* (מעט-רא-פאל'-אי-טען-איז) מאכען פאר א מעטראפאליע אדער הויפט=שטאדט.

metropol'itic *a.* (מעט-רא-פאל'-איט-איק) ז. *metropolitical*

metropolit'ical *a.* (מעט-רא-פא-ליט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א מעטראפאליע אדער הויפט=שטאדט; וואס איז שייך צום אמט, ראנג אדער רעזידענץ פון א מעטראפאליט.

metrorrha'gia *n.* (מי-טרא-ריי'-דזשי-א) אין מעדיצין — א בלוט=פלוס פון דער געבעהר=מוטער.

metrorrhe'a *n.* (מי-טרא-רי'-א) א קראנקהאפטע פליסונג פון דער געבעהר=מוטער.

me'troscope *n.* (מי'-טרא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו הערען ווי עס קלאפט דאס הארץ פון א קינד אין דער מוטער'ס בויך.

metros'copy *n.* (מי-טראס'-קא-פי) דאס אונטערזוכען די געבעהר=מוטער.

me'trotome *n.* (מי'-טרא-טאום) אין כירורגיע — אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער דאס העלזעל פון דער געבעהר=מוטער.

met'tle *n.* (מעטל) דאס פיזישע אדער גייסטיגע מאטעריאל פון וועלכען עפעס איז געבויט [ספעציעל דער מענשליכער כאראקטער]; א היציגער טעמפעראמענט; פייער; מוטה; קוראזש; חשק; אייפרינקייט; ענטוזיאזם; ענערגיע.

met'tled *a.* (מעטלד) ז. *mettlesome*

met'tlesome *a.* (מעט'ל-סאם) מיט א היציגען טעמפעראמענט; פייערדיג, מוטיג, חשק'דיג; מיט קוראזש; ענטוזיאסטיש.

met'tlesomely *adv.* (מעט'ל-סאם-לי) מיט קוראזש; מיט חשק; אייפריג; ענטוזיאסטיש.

met'tlesomeness *n.* (מעט'ל-סאם-נעס) דאס זיין היציג, לעבעדיג; דאס האבען מוטה; ענערגיע, אייפרינקייט, ענטוזיאזם.

me'um *pr.* (מע'-אם) מיינע, מיינס.

me'um and tu'um (מע'-אום ענד טו'-אום) מיינס און דיינס.

mew *n. and v.* (מיו) די מעווע אדער טשאיקע [א ים=פויגעל מיט א לאנגען פערשפיצטען שנאבעל און מיט שווים=הייטלעך אויף די פיס]; א שטייג פאר פויגלען: א טורמע, א תפיסה; א מין גראז מיט ווייסע אדער רויטליכע בליטהען, וואס וואקסט אין די בערגינע געגענדען פון אייראפא; דאס מיאוקען פון א קאץ; איינשפארען, איינמויערען, איינשליסען; מיאוקען [ווי א קאץ]; פערלירען די פעדערען [ווענען א פויגעל].

mew'-gull *n.* (מיו'-גאל) די מעווע אדער טשאיקע. ז. *mew*

mewl *n. and v.* (מיול) דאס געשריי פון א קינד; שרייען ווי א קינד.

mew'ler *n.* (מיו'-לער) א שרייער.

mews *n.* (מיוז) די שטאלען פאר די קעניגליכע פערד אין לאנדאן.

Mex'ican *a. and n.* (מעק'-סי-קען) וואס געהערט צו מעקסיקא [א לאנד אין אמעריקא]; א מעקסיקאנער, א בירגער אדער איינוואהנער פון מעקסיקא.

meze'reon *n.* (מי-זי'-רי-אן) דער קעלערהאלז [א מין קוסט מיט ראזעווע בלומען און א שווערען גערוך. בליהט זעהר פריה אין פריהלינג. זיין קארע ענטהאלט א ניפטיגען שטאף דאפנין]. ז *Daphne*

mezu'za *n.* (מע-זוה'-זא) א מזוזה.

mezu'zah *n.* (מע-זוה'-זא) ז. *mezuza*

mez'zanine *n.* (מעז'-ע-נין) א מעזאניו, אן אויבערשטיבעל [אן אויבערשטער קלענערער עטאזש]: א ברייט פענסטער פון אן אויבערשטיבעל.

mez'za vo'ce (מעד'-זא וואו'-טשע) מיט א האלבער שטימע.

mez'zo *a.* (מעד'-זא) אין מוזיק — מיטעל, האלב, מיטעלמעסיג.

mez'zo-rilie'vo *n.* (מעד'-זא-רי-ליעי'-ווא) אין סקולפטור — א מיטעל=רעליעף: א פיגור וואס איז אויסגעשניטען אדער אויסגעקנאטען האלב=בולט.

mez'zo-sopra'no *n.* (מעד'-זא-סא-פרא'-נא) א מעצא=סאפראנא [א פרויען=שטימע וואס איז נידריגער פון א סאפראנא און העכער פון א קאנטער=אלטא].

mez'zotint *n. and v.* (מעד'-זא-טינט) מעזאטינטא [אן ארט גראווירען אויף קופער אדער שטאהל אויף א שאטטיגער פלעכע, וועלכע ווערט שפעטער ערטערווייז גלאט געמאכט לויט ווי עס פאדערט די פערטיילונג פון שאטען און ליכט]; גראווירען אין מעזאטינטא.

mezzotin'to *n. and v.* (מעד-זא-טינ'-טאו) ז. *mezzotint*

mfg. *manufacturing* פערקירצונג פון

mfr. *manufacturer* פערקירצונג פון

M. ft. אן אבקירצונג פון די לאטיינישע ווערטער *mistura fiat* [אן אויפשריפט וואס ווערט געמאכט אויף א רעצעפט וואס מיינט: זאל די מישונג געמאכט ווערען].

M. G. *Major-General* ראשי תבות פון

mg. *milligram* פערקירצונג פון

Mgr. *Monsignor* פערקירצונג פון

mi'asm *n.* (מאי'-עזם) ז. *miasma*

mias'ma *n.* (מאי-עז'-מא) מיאזמא [שעדליכע, גיפטיגע ריחות אדער אויסדונסטונגען].

mias'mal *a.* (מאי-עז'-מעל) פול מיט מיאזמען. ז. *miasma*

miasmat'ic *a.* (מאי-עז-מעט'-איק) מיאזמאטיש, אנגעשטעקט אדער פעראורזאכט דורך שעדליכע גיפטיגע ריחות אדער אויסדונסטונגען.

miasmat'ical *a.* (מאי-עז-מעט'-אי-קעל) ז. *miasmatic*

mias'matist *n.* (מאי-עז'-מע-טיסט) איינער וואס שטודירט די קראנקהייטען, וועלכע ווערען פעראורזאכט פון מיאזמען [שעדליכע, גיפטיגע ריחות אדער אויסדונסטונגען].

mias'matous *a.* (מאי-עז'-מע-טאס) וואס גיט ארויס מיאזמען [שעדליכע, גיפטיגע ריחות אדער אויסדונסטונגען].

miasmol'ogy *n.* (מאי-עז-מאל'-א-דזשי) אן אבהאנדלונג איבער מיאזמען. ז. *miasma*

mias'mous *a.* (מאי-עז'-מאס) ז. *miasmal*

miaul' *v.* (מי-אהל') מיאוקען ווי א קאץ.

mi'ca *n.* (מאי'-קא) מיקא, גלימער אדער מאריענגלאז [א מין מינעראל וואס שפאלט זיך אין דינע בלעטלעך, וועלכע ווערען בענוצט אלס גלעזלעך פאר לאנטערנעס און אויווענס].

mica'ceous *a.* (מאי-קיי'-שיאס) גלימער=

ארטיג, וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו מיקא אדער גלימער. ז. *mica*

mi'ca-schist' *n.* (מאי'-קא-שיסט') א גלימער=שיעפער=שטיין [א שטיין וואס איז געמישט פון גלימער און שיעפער].

mi'ca-slate' *n.* (מאי'-קא-סלייט') ז. *mica-schist*

mice *n.* (מאיס) מייז. ז. *mouse*

Mich. אן אבקירצונג פון *Michigan* [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אן אבקירצונג פון *Michaelmas*

mi'chaelite *n.* (מאי'-קעל-איט) א ווייסער פערל=פערמיגער אפאל [אזא עדעלשטיין] ז. *opal*

Mich'aelmas *n.* (מיק'-על-מעס) מיכאעלים [א קאטוילישער יום טוב דעם 29טען סעפטעמבער, לכבוד דעם מלאך מכאל]; הערבסט.

miche *v.* (מיטש) זיך בעהאלטען; ליעגען פערבארגען; ליעגען פער'גנב'עטערהייד.

mich'ing *a. and n.* (מיטש'-אינג) פערבארגענדיג זיך; ליעגענדיג פער'גנב'עטערהייד; דאס בעהאלטען זיך אדער פערבארגען זיך.

mick'le *a. and n.* (מיקל) גרוים; פיעל; א מאסע, א סך.

mick'y *n.* (מיק'-אי) אן אירלענדיש אינגעל; א יונגער ווילדער אקס.

mi'co *n.* (מי'-קאו) א קליינע וועווערקעעהנליכע אבעזיאנע [אפע] אין זידאמעריקא.

mi'cro *n.* (מאי'-קראו) א קליינער אינזעקט.

mi'crobal *a.* (מאי'-קראו-בעל) ז. *microbial*

mi'crobe *n.* (מאי'-קראוב) א מיקראב [א קליינע מיקראסקאפישע בעשעפעניש].

micro'bia *n.* (מאי-קראו'-בי-א) מיקראבען. ז. *microbe*

micro'bial *a.* (מאי-קראו'-בי-על) וואס איז שייך צו מיקראבען אדער וואס ווערט פעראורזאכט פון מיקראבען.

micro'bian *a.* (מאי-קראו'-בי-ען) ז. *microbial*

micro'bic *a.* (מאי-קראו'-ביק) ז. *microbial*

micro'bicide *n.* (מאי-קראו'-בי-סאיד) א שטאף וואס טויטעט מיקראבען.

microbiolog'ical *a.* (מאי-קרא-באי-א-לאדזש'-אי-קעל) מיקראביאלאגיש, וואס איז שייך צו מיקראביאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען מיקראבען].

microbiol'ogist *n.* (מאי-קרא-באי-אל'-א-דזשיסט) א מיקראביאלאגיסט, א קענער אין מיקראביאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען מיקראבען].

microbiol'ogy *n.* (מאי-קרא-באי-אל'-א-דזשי) מיקראביאלאגיע, די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט דעם שטודיום פון מיקראבען.

micro'bion *n.* (מאי-קראו'-בי-אן) ז. *microbe*

microceph'alous *a.* (מאי-קרא-סעפ'-ע-לאס) וואס האט א קליינעם קאפ.

microchem'istry *n.* (מאי-קרא-קעמ'-איס-טרי) מיקרא=כעמיע, א כעמישע אונטערזוכונג פון קליינינקע זאכען אונטער א מיקראסקאפ.

microchronom'eter *n.* (מאי-קרא-קרא-נאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעצייכנען זעהר קליינע צייט=דויערונגען [ווי א צעהנטעל אדער הונדערטעל פון א סעקונדע]

mi'crocosm *n.* (מאי'-קרא-קאזם) א מיקראקאזם, א קליין וועלטעל, די וועלט אין מיניאטור; דער מענש אלס א קליין וועלטעל פאר זיך; א קליינע געמיינדע אדער פעראיין.

microcos'mian *a.* (מאי-קרא-קאז'-מי-ען) ז. *microcosmic*

microcos'mic *a.* (מאי-קרא-קאז'-מיק) וואס איז שייך צו א מיקראקאזם. ז. *microcosm*

microcos'mical *a.* (מאי-קרא-קאז'-מי-קעל) ז. *microcosmic*

microcos'mic salt- (מאי-קרא-קאז'-מיק סאהלט) פאספאר=זאלץ [א זאלץ וואס בעשטעהט פון סאדא, אמאניום און פאספאר=זויערע. ענטהאלט זיך אין מענשליכער השתנה].

microcosmog'raphy *n.* (מאי-קרא-קאז-מאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון מענשען אלס א קליין וועלטעל פאר זיך.

microcosmol'ogy *n.* (מאי-קרא-קאז-מאל'-א-דזשי) אן אבהאנדלונג וועגען דעם מענשען אלס א קליין וועלטעל פאר זיך.

microcos'mos *n.* (מאי-קרא-קאז'-מאס) ז. *microcosm*

microcos'mus *n.* (מאי-קרא-קאז'-מאס) ז. *microcosm*

microcoulomb' *n.* (מאי-קרא-קו-לאם') א מיקראקולאן, א מיליאנט=חלק פון א קולאן אדער קאלאמב. ז. *coulomb*

mi'crocyte *n.* (מאי'-קרא-סאיט) א קליין קערפערעל אדער צעלע.

microcythe'mia *n.* (מאי-קרא-סאי-טהי'-מי-א) דער צושטאנד פון בלוט ווען אין איהם געפינט זיך א גרויסע צאהל זעהר קליינע קערפערלעך.

microcyto'sis *n.* (מאי-קרא-סאי-טאו'-סיס) ז. *microcythemia*

microdac'tylous *a.* (מאי-קרא-דעק'-טי-לאס) וואס האט זעהר קורצע אדער קליינע פינגער.

mi'crodont *a.* (מאי'-קרא-דאנט) וואס האט זעהר קליינע צייהנער.

mi'crogram *n.* (מאי'-קרא-גרעם) א מיליאנט חלק פון א גראם.

mi'crograph *n.* (מאי'-קרא-גרעף) א מיקראגראף, אן אינסטרומענט צום שרייבען אדער גראווירען זעהר קליינע בוכשטאבען אדער צו מאלען קליינע זאכען; א מיקראסקאפיש [זעהר קליין] בילד.

microg'rapher *n.* (מאי-קראג'-רע-פער) א קענער אין מיקראגראפיע. ז. *micrography*

micrograph'ic *a.* (מאי-קרא-גרעפ'-איק) מיקראגראפיש, וואס איז שייך צו מיקראגראפיע. ז. *micrography*

microg'raphist *n.* (מאי-קראג'-רע-פיסט) ז. *micrographer*

micrograph'ophone *n.* (מאי-קרא-גרעפ'-א-פאון) א מיקראגראפאפאן, אן אינסטרומענט וועלכער קען פערצייכנען און איבערגעבען זעהר שוואכע קלאנגען.

microg'raphy *n.* (מאי-קראג'-רע-פי) מיקראגראפיע, דאס בעשרייבען מיקראסקאפישע [זעהר קליינע] געגענשטענדע.

microli'ter *n.* (מאי-קרא-לי'-טער) א מיליאנט חלק פון א ליטער.

microm'elus *n.* (מאי-קראמ'-ע-לאס) א מאנסטער [א פערזעהעניש] מיט זעהר קליינע גליעדער.

microm'eter *n.* (מאי-קראמ'-ע-טער) א מיקראמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען גאנץ קליינע לענגען אדער ווינקלען.

microm'eter-screw *n.* (מאי-קראמ'-ע-טער-סקרוה) א מיקראמעטער=שרויף [אזא שרויף וואס ווערט צוגעשטעלט צו אן אפטישען און מאטעמאטישען אינסטרומענט צו מעסטען גאנץ קליינע ווינקלען].

micromet'ric *a.* (מאי-קרא-מעט'-ריק) מיקראמעטריש, וואס איז שייך צו א מיקראמעטער. ז. *micrometer*

micromet'rical *a.* (מאי-קרא-מעט'-רי-קעל) ז. *micrometric*

micromet'rically *adv.* (מאי-קרא-מעט'-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א מיקראמעטער. ז. *micrometer*

microm'etry *n.* (מאי-קראמ'-ע-טרי) מיקראמעטריע, די קונסט צו מעסטען מיט א מיקראמעטער. ז. *micrometer*

micromil'limeter *n.* (מאי-קרא-מיל'-אי-מי-טער) א מיליאנטעל אדער טויזענדסטעל פון א מילימעטער.

micromil'limetre *n.* (מאי-קרא-מיל'-אי-מי-טער) ז *micromillimeter*

mi'cron *n.* (מאי'-קראן) א מיקראן, א מיליאנטעל פון א מעטער אדער טויזענדסטעל פון א מילימעטער.

micron'ymy *n.* (מאי-קראנ'-אי-מי) דאס געברויכען קורצע, לייכטע ווערטער אנשטאט לאנגע און שווערע.

mi'cro-organ'ic *a.* (מאי'-קראו-אר-גענ'-איק) מיקרא=ארגאניש, וואס איז שייך צו מיקראבען אדער מיקראסקאפישע ארגאניזמען.

mi'cro-or'ganism *n.* (מאי'-קראו-אר'-גענ-איזם) א מיקראסקאפישער ארגאניזם, א מיקראב, א באציל.

micropan'tograph *n.* (מאי-קרא-פענ'-טא-גרעף) א מיקראפאנטאגראף, אן אינסטרומענט צום שרייבען אדער גראווירען זעהר קליינע בוכשטאבען.

micropar'asite *n.* (מאי-קרא-פער'-ע-סאיט) א מיקרא=פאראזיט, א מיקראסקאפישער פאראזיט.

microparasit'ic *a.* (מאי-קרא-פער-ע-סיט'-איק) וואס האט דעם כאראקטער פון א מיקרא=פאראזיט, וואס ווערט פעראורזאכט פון א מיקרא=פאראזיט [ווי קראנקהייטען וואס ווערען פעראורזאכט פון מיקראסקאפישע פאראזיטען].

micropatholog'ical *a.* (מאי-קרא-פעטה-א-לאדזש'-אי-קעל) מיקרא=פאטאלאגיש, וואס איז שייך צו מיקראפאטאלאגיע. ז. *micropathology*

micropathol'ogist *n.* (מאי-קרא-פע-טהאל'-א-דזשיסט) א קענער אין מיקראפאטאלאגיע. ז. *micropathology*

micropathol'ogy *n.* (מאי-קרא-פע-טהאל'-א-דזשי) מיקראפאטאלאגיע, די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט מיקראסקאפישע ארגאניזמען [ווי מיקראבען, באצילען] און זייערע בעציהונגען צו קראנקהייטען.

microph'agist *n.* (מאי-קראפ'-ע-דזשיסט) א בעשעפעניש וואס שפייזט זיך מיט מיקראסקאפישע ארגאניזמען.

mi'crophone *n.* (מאי'-קרא-פאון) א מיקראפאן, אן אינסטרומענט וואס מאכט מען זאל דייטליכער הערען נידריגע קלאנגען; דער טייל פון טעלעפאן, אין וועלכען מען רעדט אריין.

microphon'ic *a.* (מאי-קרא-פאנ'-איק) וואס איז שייך צו א מיקראפאן; וואס האט די אויפגאבע צו פערשטארקען א שוואכען קלאנג אדער טאן. ז. *microphone*

microphon'ics *n.* (מאי-קרא-פאנ'-איקס) מיקראפאניק, די וויסענשאפט וואס

בעשעפטיגט זיך מיט פערשטארקען שוואַכע קלאַנגען אדער טענער.

microph'onous *a.* (מאי-קראפ'-א-נאס) ז. *microphonic*

mi'crophony *n.* (מאי'-קרא-פאו-ני) שוואכקייט פון דער שטימע.

micropho'tograph *n.* (מאי-קרא-פאו'-טא-גרעף) א מיקראסקאפישע פאטאַגראפיע [א זעהר קליינע פאטאגראפיע וואס מען דארף קוקען אויף איהר דורך א מיקראסקאפ].

microphotog'raphy *n.* (מאי-קרא-פא-טאג'-רע-פי) דאס מאכען מיקראסקאַפישע [זעהר קליינע] פאטאגראפיעס.

microphthal'mia *n.* (מאי-קראפ-טהעל'-מי-א) אן אונגארמאלע קליינקייט פון אויג.

mi'crophthalmy *n.* (מאי'-קראפ-טהעל-מי) ז. *microphthalmia*

mi'crophyte *n.* (מאי'-קרא-פאיט) א מיקראפיט, א מיקראסקאפישע פאראזיטישע פלאנצע.

micros'copal *a.* (מאי-קראס'-קא-פעל) ז. *microscopic*

mi'croscope *n.* (מאי'-קרא-סקאופ) א מיקראסקאפ, אן אפטישער אינסטרומענט וואס פערגרעסערט די נעגענשטענדע אויף וועלכע מען קוקט דורך איהם; א פערגרעסערונגס-גלאז.



Microscope

microsco'pial *a.* (מאי-קרא-סקאו'-פי-על) ז. *microscopic*

microscop'ic *a.* (מאי-קרא-סקאפ'-איק) מיקראסקאפיש, וואס מען קען זעהן מיט א פערגרעסערונגס-גלאז, זעהר קליין; וואס איז געמאכט ווי מיט א מיקראסקאפ; וואס איז שייך צו א מיקראסקאפ; ווי א פערגרעסערונגס-גלאז.

microscop'ical *a.* (מאי-קרא-סקאפ'-אי-קעל) ז. *microscopic*

microscop'ically *adv.* (מאי-קרא-סקאפ'-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א מיקראסקאפ; אויף א מיקראסקאפישען אופן.

mi'croscopist *n.* (מאי'-קרא-סקאו-פיסט) איינער וואס איז געאיבט אין בענוצען זיך מיט א מיקראסקאפ; א קענער אין מיקראסקאפיע [די קונסט צו אונטערזוכען געגענשטענדע מיט א מיקראסקאפ].

mi'croscopy *n.* (מאי'-קרא-סקאו-פי) מיקראסקאפיע [די קונסט צו אונטערזוכען געגענשטענדע מיט א מיקראסקאפ].

mi'croseism *n.* (מאי'-קרא-סאיסם) א שוואכע ערד-ציטערניש.

microspec'troscope *n.* (מאי-קרא-ספעק'-טרא-סקאופ) א מיקראספעקטראַסקאפ [אן אפטישער אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון א מיקראסקאפ און פון א ספעקטראסקאפ]. ז. *microscope* און *spectroscope*

microtasim'eter *n.* (מאי-קרא-טע-סימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען און פערצייכנען זעהר א קליינעם דרוק.

mi'crotome *n.* (מאי'-קרא-טאום) א מיקראטאם, אן אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט פאנאנדערצושניידען זאכען אין גאנץ דינע טיילען פאר מיקראסקאפישע אונטערזוכונגען.



Microtome

microtom'ic *a.* (מאי-קרא-טאמ'-איק) וואס שניידט אין גאנץ דינע טיילען; וואס איז שייך צו א מיקראטאם. ז. *microtome*

microtom'ical *a.* (מאי-קרא-טאמ'-אי-קעל) ז. *microtomic*

microt'omist *n.* (מאי-קראט'-א-מיסט) א קינסטלער אין בענוצען דעם מיקראטאם. ז. *microtome*

microt'omy *n.* (מאי-קראט'-א-מי) די קונסט פון שניידען ארגאנישע געוועבען אין גאנץ דינע טיילען פאר מיקראסקאפישע אונטערזוכונגען.

mi'crovolt *n.* (מאי'-קרא-וואולט) א מיליאנט-חלק פון א וואלט. ז. *volt*

microzo'on *n.* (מאי-קרא-זאו'-אן) א קליין מיקראסקאפיש חיה'לע.

mic'tion *n.* (מיק'-שאן) דאס לאזען אורין [השתנה].

mic'turate *v.* (מיק'-טשו-רייט) משתין זיין [פישען].

micturi'tion *n.* (מיק-טשו-ריש'-אן) דאס משתין זיין [פישען]; דאס אפט משתין זיין [אלס א קרענקליכער צושטאנד].

mid *a. and n.* (מיד) מיטעלסט, וואס געפינט זיך צווישען אדער אין דער מיט; א שיפס-יונקער, א שיפס-קאדעט.

'mid *prep.* אן אבקירצונג פון *amid*

mid'angle *n.* (מיד'-ענגל) א העלפט פון א גלייכען ווינקעל, א ווינקעל פון 45 גראד.

Mi'das *n.* (מאי'-דעס) א געוואלדיגער עושר [נאך דעם נאמען פון דעם פארצייטיגען פריגישען קעניג מידאס, וועמען די לעגענדע האט בעשענקט מיט א וואונדערבארער קראפט צו פערוואנדלען אין גאלד אלעס צו וואס ער האט זיך צוגעריהרט]; א מין זיידען-אפען. ז. *marmoset*

mid'brain *n.* (מיד'-בריין) דער מיטעלסטער טייל פון מארך.

mid'-course *n.* (מיד'-קאורס) העלפט-וועג, דער מיטען וועג; מיטעל-וועג.

mid'day *n. and a.* (מיד'-דיי) מיטאג; מיטאג-צייט; וואס קומט פאר מיטאג-צייט, וואס איז שייך צו מיטאג-צייט.

mid'dle *a., n. and v.* (מידל) מיטעלסט, וואס געפינט זיך אין מיטען אדער צווישען: מיטעלמעסיג: דער מיטעלפונקט, דער מיטען: צווישענרוים, צווישענצייט; דער מיטעלסטער טייל פון מענשליכען קערפער, די טאליע; ארייננברייננען אין מיטען; מאכען א קאמפראמיס, אויסגלייכען; בעשטימען דעם מיטעלפונקט; צוזאמענלייגען אויף דער מיט.

mid'dle age (מידל איידזש) מיטעל-יעהריגקייט [צווישען 40 און 50 יאהר].

mid'dle-aged *a.* (מיד'ל-איידזשד) מיטעל-יעהריג [איז עלטער פון 40 און 50 יאהר].

mid'dle a'ges (מידל איי'-דזשיז) דער מיטעלאלטער [די געשיכטליכע פעריאדע צווישען דעם פאל פון דער רוימישער אימפעריע אין ענדע פון פינפטען יאהרהונדערט און צווישען דער ענטדעקונג פון אמעריקא אין יאהר 1492].

mid'dle class (מידל קלעס) דער מיטעלקלאס, דאס בירגערטום, דער דריטער שטאנד [דער קלאס צווישען אדעליגע און פריסטער פון איין זייט און ארבייטער פון דער צווייטער: קויפלייט, פראפעסיאנעלע און דער ניט-טיטולירטער פערמעגליכער קלאס].

mid'dle-class *a.* (מיד'ל-קלעס) וואס בעלאנגט צום מיטעלקלאס. ז. *middle class*

mid'dle dis'tance (מידל דיס'-טענס) דער מיטעל-וועג; דער מיטעל-גרונט פון א בילד.

mid'dle-earth *n.* (מיד'ל-אוירטה) די ערד [וועלכע געפינט זיך, ווי עס ווערט געגלויבט, צווישען הימעל און דעם גיהנום].

mid'dle ground (מידל גראונד) דער מיטעל-גרונט פון א בילד; דער מיטעל-וועג.

mid'dle king'dom (מידל קינג'-דאם) די מיטעלסטע מלוכה, כינא.

mid'dle life (מידל לאיף) דאס לעבען פון מיטעלקלאס. ז. *middle class*

mid'dleman *n.* (מיד'ל-מען) א מיטעלמאן, א פערמיטלער; א פערמיטלער צווישען דעם פראדוצירער און פערברויכער; איינער וואס בעלאנגט צום מיטעלקלאס. ז. *middle class*

mid'dlemost *a.* (מיד'ל-מאוסט) מיטעלסט, וואס געפינט זיך אין מיטען; וואס איז אם נעהנסטען צו דעם מיטען.

mid'dler *n.* (מיד'-לער) א סטודענט פון דעם צווייטען קלאס אין אן אמעריקאנישען טעאלאגישען סעמינאריום.

mid'dle-rate *a.* (מיד'ל-רייט) מיטעלמעסיג.

mid'dle-sized *a.* (מיד'ל-סאיזד) מיטעלמעסיג, פון מיטעלער גרויס.

mid'dle spa'ces (מידל ספיי'-סעז) אין דרוקעריי — דער געוועהנליכער צווישענרוים אין דרוק-זאץ [א דריטעל אדער א פיערטעל פון דער דיקקייט פון דעם זאץ].

Mid'dle States (מידל סטייטס) די מיטעלע שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [די שטאאטען ניו יארק, ניו דזשוירסי, פענסילווייניא און דעלאווער, וועלכע האבען פערנומען דעם מיטען צווישען די ערשטע דרייצעהן שטאאטען].

mid'dle stitch'ing (מידל סטיטש'-אינג) די מיטעלסטע דאפעל-נאהט [הויפטזעכליך פון א זעגעל].

mid'dle term (מידל טוירם) דער מיטעל־גליעד פון א סילאגיזם [דער זאץ־טייל וואס ווידערהאלט זיך אין די פאָדער־זעצע און ווערט ארויסגעלאזען פון שלוס. למשל: מענשען זיינען שטערבליך; זשעניען זיינען מענשען; פאלגליך: זשעניען זיינען שטערבליך. אין דיעזען סילאגיזם איז "מענשען" דער מיטעל־גליעד].

mid'dle-weight *n.* (מיד'ל-הוויט) א פויסט־קעמפפער אדער זשאקיי [פערד־רייטער ביים וועט־לויפען] פון מיטעלען אדער געוועהנליכען געוויכט.

mid'dling *a., n. and adv.* (מיד'-לינג) מיטעל, מיטעלמעסיג; ניט גוט און ניט שלעכט; נישקשה'דיג; ערטרעגליך.

mid'dlingly *adv.* (מיד'-לינג-לי) נישקשה'דיג; ערטרעגליך.
The patient is getting along middlingly.

mid'dlingness *n.* (מיד'-לינג-נעס) מיטעלמעסיגקייט.

mid'dlings *n.* (מיד'-לינגז) אזא גראב מעהל: די איבערשטע טיילען פון די תבואה־קערנדלעך [אונטער דער שאָלעכץ].

mid'dy *n.* (מיד'-אי) ז. *midshipman*

mid'-earth *n. and a.* (מיד'-אירטה) דער מיטען פון דעם ערד־קוגעל; וואס געפינט זיך אין מיטען פון ערד־קוגעל: די ערד [וואס געפינט זיך, ווי עס ווערט געגלויבט, צווישען הימעל און גיהנום].

midge *n.* (מידזש) א קאמאר, א קליין פליגעלע: עטוואס וואס איז זעהר קליין; א קארליק; א קליין פישעל; אזא קליין ווענעלע.

midg'et *n.* (מידזש'-עט) א קארליקעל; א פליגעלע, א קאמאר: א קליין־געוואקסיג ספריטעגע קינד.

mid'-heav'en *n.* (מיד'-העוו'ן) דער מיטען הימעל.

mid'-hour *n.* (מיד'-אור) מיטאג־צייט: א צווישען־שטונדע.

mid'land *n. and a.* (מיד'-לענד) מיטעל־לאנד, די מיטעלסטע טיילען פון א לאנד [הויפטזעכליך אין בעצוג צו ענגלאנד]; וואס געפינט זיך אין די מיטעל־טיילען פון א לאנד; ווייט פון ים־ברעג.

mid'layer *n.* (מיד'-לייער) דער מיטעלסטער פון די דריי שיכטען פון דעם עמבריאָ [מעזאדערמא]. ז. *embryo*

mid'leg *n.* (מיד'-לעג) דער מיטעלסטער טייל פון פוס; ביי אינזעקטען — איינער פון די מיטעלסטע פיס.

Mid'-Lent *n.* (מיד'-לענט) דער מיטען פון דער פאסט־צייט ביי קריסטען, דער פיערטער זונטאג פון דער פאסט־צייט.

mid'-main *n.* (מיד'-מיין) דער מיטען פון אקעאן; א פלאץ ווייט אין ים.

mid'most *a.* (מיד'-מאוסט) וואס געפינט זיך אין סאמע מיטען.

mid'night *n. and a.* (מיד'-נאיט) האלבע נאכט; וואס איז שייך צו דעם מיטען נאכט, וואס קומט פאר אום האלבע נאכט.

mid'night appoint'ment (מיד'-נאיט ע-פאינט'-מענט) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — אויסטיילונג פון רעגיערונגס־שטעלען אין די לעצטע טאג פון דער הערשאפט פון א פאליטישער פארטיי מיט'ן צוועק צו פערשטעלען דעם וועג די אנהענגער פון דער זיעגרייכער פארטיי [הויפטזעכליך אין בעצוג צו אזא האנדלונג פון פרעזידענט דזשאהן אדאמס].

mid'night sun (מיד'-נאיט סאן) די מיטען־נאכט זון [אין די פאלאר־געגענדען, וואו מען זעהט די זון אין געוויסע צייטען פון יאהר אויך ביינאכט].

mid'-noon *n.* (מיד'-נוהן) מיטאג, מיטאג־צייט.

mid'-off' *n.* (מיד'-אף') ז. *midwicket off*

mid'-on' *n.* (מיד'-און') ז. *midwicket on*

Mid'rash *n.* (מיד'-רעש) מדרש.

Midrash'ic *a.* (מי-דרעש'-איק) וואס איז שייך צו מדרש.

mid'rib *n.* (מיד'-ריב) דער מיטעלסטער אדער פון א בלאט.

mid'ribbed *a.* (מיד'-ריבד) וואס האט א מיטעל־אדער [וועגען בלעטער].

mid'rif *n.* (מיד'-ריף) ז. *midriff*

mid'riff *n.* (מיד'-ריף) די צווערכפעל אדער דיאפראגמע [די דיקע שייד־הויט צווישען בויך און ברוסט־קאסטען]. ז. *diaphragm*

mid'-sea *n.* (מיד'-סיע) דער מיטען ים, דער אפענער ים.

mid'ship *a.* (מיד'-שיפ) וואס איז שייך צום מיטעל־טייל פון א שיף; וואס געפינט זיך אין מיטעל־טייל פון א שיף.

mid'shipman *n.* (מיד'-שיפ-מען) א שיפס־יונקער, א שיפס־קאדעט.

mid'shipmite *n.* (מיד'-שיפ-מאיט) א קלייניגקער שיפס־יונקער [הומאריסטיש].

mid'ships *adv. and n.* (מיד'-שיפס) אין דער מיט פון א שיף; די באלקענס פון דעם מיטעלסטען טייל פון א שיף.

midst *n., adv. and prep.* (מידסט) דער מיטען; אין דער מיט, אין מיטען; צווישען, אונטער.

mid'stream *n.* (מיד'-סטריעם) דער מיטען פון שטראם.

mid'summer *n.* (מיד'-סאמ-ער) דער מיטען זומער.

mid'summer day (מיד'-סאמ-ער דיי) דער קריסטליכער יום טוב לכבוד יאהאן דעם טויפער [יוחנן המטבל], דעם 24טען יוני [פלעגט אמאל זיין פערבונדען מיט פערשיעדענע מנהגים].

mid'summer mad'ness (מיד'-סאמ-ער מעד'-נעס) די אמאליגע ווילדע מנהגים ביים קריסטליכען יום טוב לכבוד יאהאן דעם טויפער [יוחנן המטבל]; משוגעת.

mid'summery *a.* (מיד'-סאמ-ער-אי) וואס איז שייך צום מיטען זומער.

mid'-watch *n.* (מיד'-וואטש) די שיפס־וואך צווישען 12 ביינאכט ביז 4 אין דער פריה.

mid'way *n., adv. and a.* (מיד'-וויי) העלפט וועג, דער מיטען וועג; מיטעל־וועג; וואס געפינט זיך אין מיטעל־וועג, מיטעלסט; העלפט וועג, אין מיטען וועג.

mid'week *a. and n.* (מיד'-וויעק) דער מיטען פון דער וואך; וואס קומט פאר אין מיטען וואך, וואס איז בעשטימט פאר דעם מיטען וואך.

mid'wicket *n.* (מיד'-וויק-עט) אין קריקעט־שפיעל — דער שפיעלער, וואס שטעהט רעכטס אדער לינקס פון דעם באל־אבשלאגער [אנטקעגען דעם באל־ווארפער].

mid'wicket off (מיד'-וויק-עט אף) אין קריקעט־שפיעל — דער שפיעלער וואס שטעהט רעכטס פון דעם באל־אבשלאגער.

mid'wicket on (מיד'-וויק-עט און) אין קריקעט־שפיעל — דער שפיעלער וואס שטעהט לינקס פון באל־אבשלאגער.

mid'wife *n.. and v.* (מיד'-וואיף) א אקושעריו, א הייבאם, א באבע; ערפילען די פפליכטען פון א הייבאם; אבנעהמען דאס קינד ביי דער געווינעריו; איינער אדער איינע וואס העלפט עפעס ארויסצוברענגען.

mid'wifery *n.* (מיד'-וואיפ-רי) געבורטס־הילף, הייבאם־קונסט, אקושערסטווע.

mid'wifish *a.* (מיד'-וואי-פיש) ווי אן אקושעריו אדער הייבאם; וואס איז שייך צו א הייבאם אדער איהרע פליכטען.

mid'winter *n.* (מיד'-ווינ-טער) דער מיטען ווינטער.

mid'wive *v.* (מיד'-וואיוו) אבנעהמען דאס קינד ביי א געווינעריו [ווי אן אקושעריו]; העלפען ביי דער געבורט.

mid'year *n. and a.* (מיד'-ייר) דער מיטען יאהר; וואס קומט פאר אין מיטען יאהר.

mien *n.* (מיען) א מינע, דעם מענשענס אויסזעהען.

miff *n. and v.* (מיף) לייכטער פערדרוס, לייכטע ערגערניש; פערשאפען עטוואס פערדרוס; ערגערען.

might *n.* (מאיט) מאכט, קראפט, שטארקייט, כח; געוואלט.

might (מאיט) וואלט געקענט אדער געמעגט; האט געקענט, האט געמענט. ז. *may*

might and main (מאיט ענד מיין) גרעסטע אנשטרענגונג, אנשטרענגונג פון אלע כחות.
He is working with might and main to finish his job.

might'ful *a.* (מאיט'-פול) מעכטיג; קרעפטיג.

might'fulness *n.* (מאיט'-פול-נעס) מעכטיגקייט, מאכט, געוואלט.

migh'tily *adv.* (מאי'-טי-לי) מיט פיעל מאכט, קראפט אדער געוואלט; מיט ערנסט; זעהר, אויף א גרויסען שטייגער, אויסערארדענטליך.

migh'tiness *n.* (מאי'-טי-נעס) מעכטיגקייט, מאכט, גרויסקייט, הויכקייט; אויסערארדענטליכקייט, א גרויסע צאהל, א גרויסער גראד; האהייט [טיטול].

might'less *a.* (מאיט'-לעס) מאכטלאז, קראפטלאז.

migh'ty *a. and adv.* (מאי'-טי) מעכטיג, שטארק; אויסערארדענטליך [אין גרויס, צאהל, קראפט א. ז. וו.]; גרויסמעכטיג [אלס טיטול]; זעהר, אויסערארדענטליך.
England is a mighty sea-power.

mignonette' *n.* (מינ-יא-נעט') רעזעדא [א שמעקעדיגע פלאנצע מיט גריגליך־ווייסע אדער ווייסע בליטהען].

Mignonette

migraine' *n.* (מי-גריין') מיגרען, קאפ⸗שמערצען. ז. *hemicrania*.

migrai'nous *a.* (מי-גריי'-נאס) וואס איז שייך צו מיגרען [קאפ⸗שמערצען], וואס קומט פון מיגרען. ז *hemicrania*.

mi'grant *a. and n.* (מאי'-גרענט) וואנדערענד; א וואנדערער; א וואנדער⸗פויגעל, א וואנדער⸗חיה.

mi'grate *v.* (מאי'-גרייט) וואנדערען.

migra'tion *n.* (מאי-גריי'-שאן) וואנדערונג; צוג; א צוג פון וואנדערנדע פויגלען אדער חיות.

migra'tionist *n.* (מאי-גריי'-שאנ-איסט) א וואנדערער.

migra'tion-sta'tion *n.* (מאי-גריי'-שאנ-סטיי'-שאן) א פלאץ, וואו מען בעאבאכטעט די פויגלען⸗וואנדערונגען.

migra'tion-wave *n.* (מאי-גריי'-שאנ-הווייוו) א וואנדערונגס⸗כוואליע, א גרויסע מאסע וואנדערנדע פויגלען.

mi'grator *n.* (מאי'-גריי-טאר) א וואנדערער.

mi'gratory *a.* (מאי'-גרע-טא-רי) וואנדערענד, געניינט צו וואנדערען.

mi'gratory an'imals (מאי'-גרע-טא-רי ענ'-אי-מעלז) חיות וואס וואנדערען אין געוויסע יאהרעס⸗צייטען פון קאלטע לענדער אין ווארימע און פערקעהרט.

mika'do *n.* (מי-קא'-דאו) דער מיקאדא [דער יאפאנישער הערשער].

mil *n.* (מיל) א טויזענד⸗חלק פון אן אינטש אדער צאל [אן איינהייטס⸗מאס צו מעסטען די דיקקייט פון דראט].

mila'di *n.* (מי-ליי'-די) א פראנצויזישע אדער איטאליענישע פארם פון *my lady*.

mila'dy *n.* (מי-ליי'-די) ז. *miladi*.

mi'lage *n.* (מאי'-לעדזש) ז. *mileage*.

milch *a.* (מילטש) מעלקעדיג, וואס גיט מילך.

milch'-wench *n.* (מילטש'-הווענטש) א זויגערין, אן אם.

milch'-wom'an *n.* (מילטש'-הוואומ'-ען) א זויגערין, אן אם.

mil'chy *a.* (מיל'-טשי) מעלקעדיג; וואס גיט פיעל מילך; מילכיג.

mild *a.* (מאילד) מילד, זאנפט, גוט, צערטליך; שוואך, לייכט, ניט שארף.

mild'-cured *a.* (מאילד'-קיורד) ווענינג געזאלצען [וועגען קאנזערווירטע שפייזען].

mil'dew *n. and v.* (מיל'-דיו) מעהל⸗טוי, פלאנצען⸗ראסט [אזא פראסט⸗ארטיגער שטויב וואס פערדארבט פלאנצען]; עהנליכער ראסט אדער פלעקען אויף פערשיעדענע שטאפען; בעדעקט ווערען אדער בעדעקען מיט מעהל⸗טהוי, ראסט אדער פלעקען.

mil'dewy *a.* (מיל'-דיו-אי) בעדעקט מיט מעהל⸗טוי אדער ראסט⸗פלעקען [וועגען פלאנצען אדער שטאפען]. ז. *mildew*.

mild'ly *adv.* (מאילד'-לי) מיט מילדקייט, מיט זאנפטקייט, מיט צערטליכקייט, מיט גוטמוטיגקייט; ווייך, שוואך, אהן שארפקייט.

mild'ness *n.* (מאילד'-נעס) מילדקייט, זאנפטיגקייט, גוטסקייט, צערטליכקייט; שוואכקייט, ווייכקייט.

mild'-spir'ited *a.* (מאילד'-ספיר'-אי-טעד) גוטמוטיג, זאנפטמוטיג.

mild'-spo'ken *a.* (מאילד'-ספאוקן) מילד גערעדט, אויסגעדריקט אין מילדע, ניט בעליידיגענדע ווערטער.

mild tem'per (מאילד טעמ'-פער) א זאנפטער, גוטמוטיגער כאראקטער; גוטמוטיגקייט.

mild'-tem'pered *a.* (מאילד'-טעמ'-פערד) גוטמוטיג, זאנפטמוטיג.

mile *n.* (מאיל) א מייל.

mi'leage *n.* (מאי'-לעדזש) א לענג גערעכנעט אין מיילען; רייזע⸗קאסטען פאר אן אנגעשטעלטען אדער בעאמטען, גערעכנעט פון מייל; פרייזען פון אייזענבאהנען פער מייל; א ביכעל פון באהן⸗בילעטען וואס בערעכטיגט אויף א רייזע פון א בעשטימטער צאהל מייל.

mile'-col'umn *n.* (מאיל'-קאל'-אם) ז. *mile-post*.

mile'-mark *n.* (מאיל'-מארק) ז. *mile-post*.

mile'-post *n.* (מאיל'-פאוסט) דער מיילען⸗סלופ, דער מיילען⸗ציינער [צו בעצייכענען די מיילען אויף א וועג].

Mile'sian *a. and n.* (מי-ליע'-שיען) מילעזיש, וואס איז שייך צו דער פארצייטיגער שטאדט מילעט [אין קליין אזיען] אדער איהרע איינוואהנער; אירלענדיש, וואס איז שייך צו אירלאנד אדער אירלענדער; אן איינוואהנער פון מילעט; אן אירלענדער.

mile'-stone *n.* (מאיל'-סטאון) א מייל⸗שטיין, א מייל⸗זייל, א מייל⸗צייכען [צו בעצייכנען די צאהל מיילען אויף א וועג].

mile'-stone mon'ger (מאיל'-סטאון מאנ'-גער) א שטענדיגער וואנדערער.

mil'foil *n.* (מיל'-פאיל) די שאף⸗גארב אדער דאס טויזענד⸗בלעטער גראז [א גרויליך⸗גרין גראז מיט ווייסע און רויטליכע בינטלעך בליטהען און פעדער⸗עהנליכע בלעטלעך. וואקסט אויף טרוקענע פאשע⸗פלעצער און ביי די זייטען פון וועג און ווערט גענוצט אלס פוטער פאר בהמות.

Milfoil

די בלעטער און די בלימלעך ווערען גערויכט אין מעדיצין אלס קרעפטיגונגס⸗מיטעל און צו פערהאלטען בלוט⸗גיסונג].

milia'ria *n.* (מיל-אי-איי'-רי-א) הירזש⸗קדחת, הירזש⸗פיעבער [אזא פיעבער, ביי וועלכען דער קערפער ווערט בעדעקט מיט א דראבנעם אויסשלאג].

mil'iary *a.* (מיל'-אי-ע-רי) הירזש⸗עהנליך, וואס דערמאהנט אן דעם אויסזעהן אדער אן דער גרויס פון הירזש.

milieu' *n.* (מי-ליעי') די מיליע, די סביבה, די אומגעבונג, די ארומיגע בעדינגונגען.

mil'itancy *n.* (מיל'-אי-טענ-סי) קריגערישקייט; קריעגס⸗צושטאנד.

mil'itant *a.* (מיל'-אי-טענט) קריעגעריש, שטרייטענד, קעמפפענד; קריעגפיהרענד; קריעגעריש געשטימט, מיט א קריעגערישער נייגונג.

mil'itantly *adv.* (מיל'-אי-טענט-לי) אויף א קריעגערישען אופן.

mil'itarily *adv.* (מיל'-אי-טע-רי-לי) אויף א מיליטערישען אדער קריעגערישען אופן; דורך מיליטער; פון מיליטערישען שטאנדפונקט.

mil'itarism *n.* (מיל'-אי-טע-ריזם) מיליטאריזם, די סיסטעם פון א רעגיערונג צו פערשטארקען איהר מיליטערישע מאכט דורך דער אויפהאלטונג פון א גרויסער ארמעע; מיליטאריסטישער גייסט; א קריעגערישע שטימונג; א צושטאנד, ווען דאס מיליטער און די מיליטער⸗אינטערעסען שפיעלען די הויפט ראלע אין א שטאאט.

mil'itarist *n.* (מיל'-אי-טע-ריסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך אדער איז גוט בעקאנט מיט דער קריעגס⸗קונסט; א מיליטאריסט, אן אנהענגער פון מיליטאריזם. ז. *militarism*.

mil'itary *a. and n.* (מיל'-אי-טע-רי) מיליטעריש, זעלנעריש, סאלדאטיש; קריעגעריש: זעלנער, סאלדאטען [קאלעקטיוו]: די אפיציערען פון אן ארמעע; מיליטער.

mil'itary ar'chitecture (מיל'-אי-טע-רי אר'-קי-טעק-טשור) מיליטערישע בוי⸗קונסט [פון פעסטונגען א. ד. ג.].

mil'itary art (מיל'-אי-טע-רי ארט) קריעגס⸗קונסט [ארמעע⸗פיהרונג, סטראטעגיק, קריעגס⸗ארכיטעקטור, אנווענדונג פון קריעגס⸗מאשינען און וואפען א. ז. וו.].

mil'itary code (מיל'-אי-טע-רי קאוד) דאס געזעץ וועגען מיליטערישע ענינים.

mil'itary commis'sion (מיל'-אי-טע-רי קא-מיש'-אן) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די קריעגס⸗קאמיסיאן [א מיליטערישע קערפערשאפט וואס האט צו אורטיילען איבער פערברעכענס געגען קריעגס⸗געזעצען].

mil'itary court (מיל'-אי-טע-רי קאורט) א מיליטער⸗געריכט, א קריעגס⸗געריכט.

mil'itary lands (מיל'-אי-טע-רי לענדז) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — לאנד וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען צו אלטע סאלדאטען אלס בעלוינונג פאר זייער דיענסט.

mil'itary law (מיל'-אי-טע-רי לאה) מיליטערישע געזעצען; קריעגס⸗געזעצען.

mil'itary police' (מיל'-אי-טע-רי פא-ליס') א געוויסע צאהל סאלדאטען, וועלכע האבען אין דער ארמעע געוויסע פאליציי⸗פפליכטען, ווי ארעסטירען, האבען אויפזיכט אויף די מיליטערישע טורמעס א. ד. ג.; א פאליציי, וואס איז ארגאניזירט אויף א מיליטערישען אופן, ווי דער זשאנדארמען⸗קארפוס אין רוסלאנד א. ד. ג.

mil'itary ten'ure (מיל'-אי-טע-רי טענ'-יור) לאנד וואס ווערט איינעם אוועקגעגעבען אויף דער פערפפליכטונג פון מיליטער⸗דיענסט.

mil'itate *v.* (מיל'-אי-טייט) 1. שטרייטען געגען, קומען אין צוזאמענשטויס; 2. קעמפפען [דאפיר אדער דאגעגען].

2. These facts militate against the success of our plans.

milita'tion *n.* (מיל-אי-טיי'-שאן) צוזאמענשטויס, שטרייטיגקייט.

mili'tia *n.* (מי-ליש'-א) מיליץ, א ניט⸗רעגולערע ארמעע; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די שטאאט⸗מיליץ, וואס געפינט זיך אונטער דער קאנטראלע פון די בעזונדערע שטאאטען [ניט פון דער פעדעראלער רעגיערונג ווי די רעגולערע ארמעע], געהט אבער איבער אונטער דער קאנטראלע פון דער פעדעראלער רעגיערונג בעת א מלחמה.

mili'tiaman *n.* (מי-ליש'-ע-מען) א סאלדאט פון דער מיליץ. ז. *militia*.

milk *n. and v.* (מילק) מילך; מילך⸗עהנליכע זאפט [הויפטזעכליך פון פלאנצען]; א מאטער פלעק אין דימענטען; מעלקען; ארויסשטעלען א פערד צום וועטלויפען מיט'ן צוועק צו וועטען געגען איהם; אין טעלעגראפיע — אבציהען פון א דראט א טייל פון דעם עלעקטרישען שטראם.

milk'-ab'scess *n.* (מילק'-עב'-סעם) א ברוסט⸗געשוויר ביי פרויען [אין דער צייט ווען זיי זויגען א קינד].

milk'-and-wa'ter *a.* (מילק'-ענד-וואה'-טער) שוואך, כאראקטערלאז.

milk'-blotch *n.* (מילק'-בלאטש) א מין פארך אויף'ן געזיכט, האלז און ברוסט פון קליינע קינדער.

milk'-broth'er *n.* (מילק'-בראטה'-ער) א מילך⸗ברודער [איינער וואס איז צוזאמען מיט אן אנדערען אדער אנדערער אויסגעהאדעוועט געווארען פון דערזעלבער פרוי אדער אם].

milk'-can *n.* (מילק'-קען) א מילך⸗קאן.

milk'-car *n.* (מילק'-קאר) א וואגאן צו פיהרען מילך [אין קאנען].

milk'-coo'ler *n.* (מילק'-קוה'-לער) א מילך⸗קיהלער [אן אפאראט אבצוקיהלען פריש אויסגעמאלקענע מילך].

milk'-crust *n.* (מילק'-קראסט) ז. *milk-blotch*

milk'-cure *n.* (מילק'-קיור) היילונג דורך א מילך⸗דיעטע [מילך⸗שפייז⸗סיסטעם].

milk'-denti'tion *n.* (מילק'-דענ-טיש'-אן) מילך⸗צייהן.

milk'-di'et *n.* (מילק'-דאי'-עט) א מילך⸗דיעטע, א מילך⸗שפייז⸗סיסטעם.

milk'-duct *n.* (מילק'-דאקט) א מילך⸗קאנאל [אין די ברוסטען].

mil'ken *a.* (מילקן) מילכיג; מילך⸗עהנליך.

mil'ker *n.* (מיל'-קער) א מעלקער, א מעלקערין; אן אפאראט צו מעלקען בהמות; א מעלקעדיגע בהמה.

milk'-fac'tory *n.* (מילק'-פעק'-טא-רי) א פוטער און קעז פאבריק; א פאבריק, וואו מען מאכט קאנדענזירטע מילך; אין אירלאנד — א פאבריק, וואו מען נעהמט ארויס די סמעטענע פון דער מילך.

milk'-farm *n.* (מילק'-פארם) א מילך⸗פערמע, א מעלקעריי [א פערמע פאר מילך⸗פראדוקציאן].

milk'-fe'ver *n.* (מילק'-פיע'-ווער) מילך⸗פיבער [א פיבערישער צושטאנד ביי קינפעטארינס אין דער צייט, ווען עס הויבט זיך ביי זיי אן צו ענטוויקלען מילך].

milk'-fish *n.* (מילק'-פיש) דער מילך⸗פיש [אזא אויסטראלישער פיש, וואס לאזט ארויס פון זיך א מילך⸗עהנליכע פליסיגקייט].

milk'-flour *n.* (מילק'-פלאור) מילך⸗מעהל [מילך וואס ווערט אויסגעדאמפט און פערוואנדעלט אין מעהל אדער פולווער].

milk'ful *a.* (מילק'-פול) איבערפליסענד מיט מילך; פרוכטבאר.

milk'-glass *n.* (מילק'-גלעס) מילך⸗גלאז אדער קריאליט⸗גלאז [אזא ווייסער זארט גלאז]. ז. *cryolite*

milk'-hedge *n.* (מילק'-העדזש) אזא בוימעל אין אפריקא און אינדיען [ווערט געברויכט פאר פלעכטען פלויטען. די מילך⸗עהנליכע זאפט פון דעם בוימעל ווערט געברויכט אלס הייל⸗מיטעל].

milk'-house *n.* (מילק'-האוס) א מילך⸗קראם; א מילך⸗קאמער.

mil'kily *adv.* (מיל'-קי-לי) ווי מילך; מיט א מילך⸗אויסזעהן.

mil'kiness *n.* (מיל'-קי-נעס) מילכיגקייט; מילך⸗עהנליכקייט; ווייכקייט, זאנפטקייט, מילדקייט.

mil'king *n.* (מיל'-קינג) דאס מעלקען; א געמעלק [די מילך וואס ווערט אויסגעמאלקען פאר איין מאל]; דאס וועטען געגען אייגענעם פערד [ביי וועט⸗לויפען, ווען מען ווייסט, אז ער וועט ניט לויפען אדער אז ער וועט ניט געווינען].

mil'king-stool *n.* (מיל'-קינג-סטוהל) א מעלק⸗ביינקעל [צום זיצען ביים מעלקען בהמות].

Milking-stool

mil'king-time *n.* (מיל'-קינג-טאים) די צייט [הויפטזעכליך אבענד⸗צייט], ווען מען מעלקט געוועהנליך די בהמות.

mil'king-tube *n.* (מיל'-קינג-טיוב) א מעלק⸗רעהרעל [א דין זילבערן רעהרעל וואס מען שטעלט אריין אין די ציצקעס פון א בהמה, אום לייכטער צו מאכען דעם מילך⸗אויספלוס ביים מעלקען].

milk'-kin'ship *n.* (מילק'-קינ'-שיפ) מילך⸗קרובה'שאפט [צווישען מענשען וואס זיינען אויסגעהאדעוועט געווארען פון דערזעלבער פרוי].

milk'less *a.* (מילק'-לעס) אהן מילך.

milk'-liv'ered *a.* (מילק'-ליוו'-ערד) פייג, שרעקעדיג.

milk'maid *n.* (מילק'-מייד) א פרוי וואס מעלקט בהמות אדער איז בעשעפטיגט אין א מילך⸗געשעפט.

milk'man *n.* (מילק'-מען) א מילכמאן, א מילכיגער, א מילך⸗פערקויפער, א מילך⸗פאנאנדערפיהרער.

milk'-meat *n.* (מילק'-מיעט) מילך⸗שפייזען; מילך⸗פראדוקטען [ווי קעז, פוטער א. ז. וו.].

milk'-mir'ror *n.* (מילק'-מיר'-אר) געוויסע צייכענס אויף דעם אייטער פון א קוה, לויט וועלכע מען קען דערקענען, ווי עס ווערט בעהויפטעט, וויפיעל די קוה גיט מילך און וואס פאר א מילך זי גיט.

milk'-mo'lar *n.* (מילק'-מאו'-לאר) א מילך⸗באקצאהן [א באקצאהן ביי א קינד וועלכער בייט זיך אין עלטער פון 7 ביז 12 יאהר אויף א בעשטענדיגען צאהן].

milk'-nurse *n.* (מילק'-נוירס) א זויגערין, אן אם.

milk of magne'sia (מילק אוו מעג-ניע'-שיא) מילך⸗מאגנעזיע [מאגנעזיע געמישט מיט מילך, אלס אבפיהרונגס⸗מיטעל].

milk'-pail *n.* (מילק'-פייל) א מילך⸗עמער, א דאיניצע.

milk'-pan *n.* (מילק'-פען) א מילך⸗פאן, א מילך⸗כלי, א לאדישעק [צום איינשטעלען מילך, צו מאכען סמעטענע].

milk'-pap *n.* (מילק'-פעפ) א ציצקע, א ברוסט⸗נאפעל.

milk'-por'ridge *n.* (מילק'-פאר'-אידזש) מילך⸗זופ, מילך⸗קאשע.

milk'-pot'tage *n.* (מילק'-פאט'-עדזש) ז. *milk-porridge*

milk'-pump *n.* (מילק'-פאמפ) א מילך⸗אבציהער [אן אינסטרומענט צו ציהען מילך פון די ברוסטען].

milk'-punch' *n.* (מילק'-פאנטש') מילך⸗פונש [א געטראנק פון מילך, ספיריט, צוקער און מוסקאט⸗נוס].

milk'-room *n.* (מילק'-רוהם) א מילך⸗קאמער.

milk'-scab *n.* (מילק'-סקעב) ז. *milk-blotch*

milk'-shake' *n.* (מילק'-שייק') א געטראנק פון סאדא⸗וואסער, מילך און פרוכט⸗זאפט, וועלכע ווערען צונויפגעמישט דורך אזא מאשינקע.

milk'-sick *a.* (מילק'-סיק) קראנק אויף מילך⸗פעסט. ז. *milk-sickness*

milk'-sick'ness *n.* (מילק'-סיק'-נעס) מילך⸗פעסט [א פיה⸗קראנקהייט, וואס איז פערשפרייט אין איינינע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. מיט דיעזער קראנקהייט ווערען אויך אנגעשטעקט מענשען, ווען זיי עסען דאס פלייש און די מילך⸗פראדוקטען פון די קראנקע בהמות. ביי מענשען דריקט זיך די קראנקהייט אויס אין ברעכען, לאקסירען און נערוועזער אויפרעגונג].

milk'-snake *n.* (מילק'-סנייק) די מילך⸗שלאנג [אזא שעהנע ניט גיפטיגע שלאנג ביי דריי פוס לאנג, פון א געלבליך⸗גרויען קאליר מיט שאקאלאד⸗שווארצע פלעקען].

milk'sop *n.* (מילק'-סאפ) א שטיקעל ברויט געווייקט אין מילך [פאר קליינע קינדער צו זויגען]; א פערצערטעלטער, ווייכער, שוואכער מאן, א פרויען⸗עהנליכער מאן [אין כאראקטער, אויסזעהן א. ז. וו.].

milk'sopism *n.* (מילק'-סאפ-איזם) דאס זיין שוואך, ווייך, פערצערטעלט, פרויען⸗עהנליך.

milk'-sug'ar *n.* (מילק'-שוג'-אר) מילך⸗צוקער [צוקער וואס מען קריעגט ארויס פון מילך].

milk'-tes'ter *n.* (מילק'-טעס'-טער) א מילך⸗מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די פעטקייט און ריינקייט פון מילך].

milk the he'-goat (מילק טהי היע'-גאוט) "מעלקען דעם באק" [טהאן אן ארויסגעווארפענע ארבייט].

milk the pig'eon (מילק טהי פידזש'-אן) ז. *milk the he-goat*

milk the ram (מילק טהי רעם) "מעלקען דעם באק" [טהאן אן ארבייט וואס קען צו קיין רעזולטאטען ניט פיהרען].

milk'-tie *n.* (מילק'-טאי) מילך⸗קרובה'שאפט [קרובה'שאפט דורך דעם וואס מען איז אויסגעהאדעוועט געווארען פון דערזעלבער פרוי].

milk'-tooth *n.* (מילק'-טוהטה) א מילך⸗צאהן [א צאהן ביי א קינד וואס בייט זיך שפעטער אויף א בעשטענדיגען].

milk'-tree *n.* (מילק'-טריע) דער מילך⸗בוים. ז. *cow-tree*

milk'-vat *n.* (מילק'-וועט) א מילך⸗פאס, א מילך⸗צעבער [צום איינשטעלען מילך].

milk'-ves'sel *n.* (מילק'-וועס'-על) א מילך⸗זאפט⸗אדער [אין א פלאנצע — א רעהרעל, דורך וועלכען עס טריפט ארויס א מילך⸗עהנליכע זאפט].

milk'-vetch *n.* (מילק'-וועטש) שטראנעל [אזא פלאנצע, וועגען וועלכער מען גלויבט אז די בהמות וואס שפייזען זיך מיט איהר, גיבען פיעל מילך].

milk'-warm *a.* (מילק'-הוואהרם) ווארעם ווי נאר⸗וואס אויסגעמאלקענע מילך.

milk'weed *n.* (מילק'-הוויעד) די שוואלבענקרויט אדער זיידענפלאנצע [א מין גראז וואס גיט פון זיך ארויס א מילך⸗עהנליכען זאפט].

milk'-white *a.* (מילק'-הוואיט) מילך⸗ווייס, ווייס ווי מילך.

milk'wort *n.* (מילק'-הווארט) די קרייץ⸗בלום אדער די מילך⸗פלאנצע [אזעלכע פלאנצען, וועגען וועלכע מען גלויבט, אז פון זיי קומט צו מילך ביי זויגענדע פרויען].

mil'ky *a.* (מיל'-קי) מילכיג; מילך⸗עהנליך; וואס גיט מילך, מעלקעדיג; זויגע⸗

דיג; פול מיט מילך־עהנליכער זאפט; ווייך, מילד, פרויען־עהנליך [אין כאראקטער, אויסזעהן א. ז. וו.].

Mil'ky Way (מיל'-קי הוויי) די מילך־שטראסע, דער מילך־וועג [א ליכטיגער פאס אויף'ן הימעל וואס בעשטעהט פון זעהר פיעל אונזיכטבארע שטערען].

mill *n. and v.* (מיל) א מיהל; א מאשין צום מאהלען אדער צו צורייבען; א פאבריק; א פויסטען־קאמפף; א טויזענדסטעל; א צעהנטעל פון א סענט [א טויזענדסטעל פון א דאלאר]; מאהלען [אין א מיהל]; צורייבען; מאכען א ראנד פון א מטבע [כדי די צורה פון דער מטבע זאל זיך נים אברייבען]; קעמפפען מיט די פויסטען [באקסען]; זיך אונטערטונקען און שווימען אונטער'ן וואסער [ווענען וואלפיש]; זיך דרעהען אין דער רונד ארום איין פונקט אהן א געוויסען ציעל [ווענען סטאדעס בהמות].

mill'-bar *n.* (מיל'-באר) א געוואלצטער אייזען־שטאנג.

mill'board *n.* (מיל'-באורד) טאקטור, טאוועל־פאפיער, קארדאן.

mill'-dam *n.* (מיל'-דעם) א מיהל־דאמבע [א וואנד וואס פערהאלט דאס וואסער פון א טייך נעבען א וואסער־מיהל].

milled *a.* (מילד) געמאהלען אין א מיהל; אויסגעזעגט אדער אויסגעבויערט; געוואלצט [וואס איז בעארבייט מיט וואלצען אדער ראלען]; געמאכט מיט א מאשין.

milled cloth (מילד קלאטה) געוואלקטעם אדער געפילצטעס טוך.

milled lead (מילד לעד) וואלץ־בליי [בליי וואס איז אויסגעוואלצט אין בויגענס, ווי בלעך].

milled mon'ey (מילד מאנ'-אי) מטבעות וואס זיינען געמאכט דורך א פרעס־מאשין [צום אונטערשיעד פון מטבעות וואס ווערען געמאכט מיט א פורעם].

millena'rian *a. and n.* (מיל-ע-ניי'-רי-ען) טויזענד־יעהריג, וואס בעשטעהט פון טויזענד יאהר; איינער וואס גלויבט אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער זי וועט אונטערגעהן.

millena'rianism *n.* (מיל-ע-ניי'-רי-ען-איזם) דאס גלויבען, אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער די וועלט וועט אונטערגעהן.

mil'lenary *n. and a.* (מיל'-ע-נע-רי) א טויזענד יאהר, א משך פון טויזענד יאהר; איינער וואס גלויבט, אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער זי וועט אונטערגעהן; טויזענד־יעהריג.

millen'nial *a.* (מי-לען'-אי-על) טויזענד־יעהריג, וואס בעשטעהט פון טויזענד יאהר.

millen'nialist *n.* (מי-לען'-אי-על-איסט) איינער וואס גלויבט, אז יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט טויזענד יאהר איידער זי וועט אונטערגעהן.

millen'nianism *n.* (מי-לען'-אי-ען-איזם) ז. ***millenarianism***

millen'niarism *n.* (מי-לען'-אי-ע-ריזם) ז. ***millenarianism***

millen'nium *n.* (מי-לען'-אי-אם) א טויזענד־יאהר, א יאהר־טויזענד; די טויזענד יאהר וואס, לויט דעם גלויבען פון די קריסטען, יעזוס קריסטוס וועט רעגיערען די וועלט איידער זי וועט אונטערגעהן.

mil'leped *n.* (מיל'-ע-פעד) א טויזענד־פיסינער [אזא ווארם מיט זעהר פיעל פים].

Milleped

mil'lepore *n.* (מיל'-ע-פאור) דער מילעפאר אדער פונקט־קאראל [א קאראל מיט אן אונגעהייערער צאהל קליינינקע לעכעלעך אדער גריבעלעך. פון דיעזען קאראל האט זיך אויסגעבילדעט די גרעסטע צאהל קאראל־ריפען אין אטלאנטישען און אינדישען אקעאן].

mil'leporite *n.* (מיל'-ע-פאור-איט) א מילעפאריט [א פערשטיינערונג פון א פונקט־קאראל ארגאניזם].

mill'er *n.* (מיל'-ער) א מילנער; אזא שמעטערלינג מיט מעהל־ווייסע פליגעלעך; א מאשין צום שניידען רעדער־צייהנער אדער מטבעות־ראנדען.

mill'er's-thumb *n.* (מיל'-ערז-טהאם) די גראפע [אזא פיש מיט א גרויסען פלאכען און ברייטען קאפ און מיט לאנגע שטאכלעך ארום די זשאברעס. געפינט זיך אין די אייראפעאישע ימים און בייט אפט דעם קאליר לויט דער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך]

milles'imal *a.* (מי-לעס'-אי-מעל) טויזענדסט; טויזענדפאך, וואס בעשטעהט פון טויזענד טיילען.

mil'let *n.* (מיל'-עט) הירזש.

Millet

mil'let-grass *n.* (מיל'-עט-גרעס) הירזש־גראז [אזא הויכעס זארט גראז וואס ווערט בענוצט אלס פוטער פאר בהמות].

mill'-eye *n.* (מיל'-אי) די עפנונג אין די קאסטענס פון א מיהל, פון וועלכער עס שיט זיך דאס מעהל.

mill'-fur'nace *n.* (מיל'-פויר'-נייס) א שוויים־אויוועז [וואו עס ווערט צונויפגעשווייסט אייזען].

mill'-hand *n.* (מיל'-הענד) אן ארבייטער אין א מיהל; א פאבריק־ארבייטער.

mill'-hop'per *n.* (מיל'-האפ'-ער) א מיהל־טריכטער [די לייקע דורך וועלכער מען שיט אריין די תבואה צום מאהלען].

mill'-horse *n.* (מיל'-האהרס) א מיהל־פערד [א פערד צום דרעהען א מיהל].

mil'liampere *n.* (מיל'-אי-עמ-פעהר) אן איינהייטס־מאס פון עלעקטריציטעט וואס איז גלייך צו א טויזענד־חלק פון אן אמפער ז. ***ampere***

mil'liard *n.* (מיל'-יארד) א מיליארד [טויזענד מיליאן].

mil'liary *a. and n.* (מיל'-אי-ע-רי) וואס בעצייכענט מייל; א מייל־שטיין [א שטיין וואס ווערט געשטעלט צו בעצייכענען א מייל].

millier' *n.* (מיל-יעי') טויזענד קילאגראם [דאס געוויכט פון א קוביק־מעטער וואסער פון 4 צעלזיוס טעמפעראטור].

mil'ligram *n.* (מיל'-אי-גרעם) א מיליגראם [א טויזענדסטעל פון א גראם].

mil'ligramme *n.* (מיל'-אי-גרעם) ז. ***milligram***

mil'liliter *n.* (מיל'-אי-לי-טער) א טויזענדסטעל פון א ליטער. ז. ***liter***

mil'lilitre *n.* (מיל'-אי-לי-טער) ז. ***milliliter***

mil'limeter *n.* (מיל'-אי-מי-טער) א מילימעטער [א טויזענדסטעל פון א מעטער]. ז. ***meter***

mil'limetre *n.* (מיל'-אי-מי-טער) ז. ***millimeter***

mil'liner *n.* (מיל'-אי-נער) א פוץ־הענדלער, פוץ־מאכער [וואס בעפוצט אדער פערקויפט דאמען־היט]; א פוץ־מאכערין, א פוץ־הענדלערין; א מאדיסטקע.

mil'linery *n.* (מיל'-אי-נער-אי) פוץ־וואארען, מאדע־וואארען [פאר דאמען]; א פוץ־וואארען־האנדלונג, א דאמען־הוט־האנדלונג.

mill'ing *n.* (מיל'-אינג) דאס מאהלען אין א מיהל, דאס מאהלען מעהל; דאס אויספרעגען א ראנד פון א מטבע; דאס וואלגען אדער פילצען טוך.

mill'ing-machine' *n.* (מיל'-אינג-מע-שין') א מאשין צום שניידען די צייהנער אין צאהן־רעדער; א מאשין צום אויספרעגען דעם ראנד פון מטבעות.

mil'lion *n. and a.* (מיל'-יאן) א מיליאן [טויזענד מאל טויזענד]; זעהר א גרויסע צאהל; וואס בעשטעהט פון א מיליאן.

millionaire' *n.* (מיל-יאנ-עהר') א מיליאנער [איינער וואס פערמאגט מיליאנען].

millionnaire' *n.* (מיל-יאנ-עהר') ז. ***millionaire***

mil'lionary *a.* (מיל'-יאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון מיליאנען.

mil'lionism *n.* (מיל'-יאנ-איזם) דאס האבען מיליאנען.

mil'lionist *n.* (מיל'-יאנ-איסט) א מיליאנער.

mil'lionth *n. and a.* (מיל'-יאנטה) א מיליאנט־חלק, א מיליאנטעל; וואס איז א מיליאנטעל.

mil'lipede *n.* (מיל'-אי-פיעד) ז. ***milleped***

mil'lipede *n.* (מיל'-אי-פעד) ז. ***milleped***

mil'livolt *n.* (מיל'-אי-וואולט) א טויזענדסטעל פון א וואלט. ז. ***volt***

mill'man *n.* (מיל'-מען) איינער וואס איז בעשעפטיגט אין א מיהל.

mill'-pick *n.* (מיל'-פיק) א געצייג צו שארפען מיהל־שטיינער [אויסצוקלאפען די פערטיעפונגען].

mill'-pond *n.* (מיל'-פאנד) א מיהל־טייך [א וואסער וואס איז אבגעשפארט מיט א דאמבע צו בעטרייבען א מיהל].

mill'-pool *n.* (מיל'-פוהל) ז. ***mill-pond***

mill'-race *n.* (מיל'-רייס) א שטראם

וואסער וואס טרייבט די רעדער פון א מיהל.

mill'round *n.* (מיל׳-ראונד) א שטענדיגע מאנאטאנע אדער איינארטיגע ארבייט.

mill'-run *n.* (מיל׳-ראן) ז. ***mill-race***

mill'-sail *n.* (מיל׳-סייל) א זעגעל פון א ווינד־מיהל.

mill'-six'pence *n.* (מיל׳-סיקס׳-פענס) אן ענגלישע זילבערנע מטבע פון 6 פעניס, מיט א געפרעגטען ראנד.

mill'stone *n.* (מיל׳-סטאון) א מיהל־שטיין.

mill'stone-dress'er *n.* (מיל׳-סטאון-דרעס׳-ער) אן ארבייטער וואס קלאפט אויס די פערטיעפונגען אין א מיהל־שטיין; א מאשין צו שארפען מיהל־שטיינער.

mill'stone-feed *n.* (מיל׳-סטאון-פיעד) א פארריכטונג, וועלכע רעגולירט די קוואנטיטעט פון קארן וואס שיט זיך אין מיהל־שטיין.

mill'stone-grit *n.* (מיל׳-סטאון-גריט) א מין פעלז, פון וועלכען מען האקט אויס מיהל־שטיינער אין ענגלאנד.

mill'stone-ham'mer *n.* (מיל׳-סטאון-העמ׳-ער) ז. ***mill-pick***

mill'-tail *n.* (מיל׳-טייל) דער מיהל־אבפלוס־שטראם [דער וואסער־שטראם וואס געהט ארויס פון דעם מיהל־ראד נאכדעם ווי ער האט זיך אומגעדרעהט].

mill'-ward *n.* (מיל׳-הוואהרד) א מילנער; א מיהל־אויפזעהער.

mill'-work *n.* (מיל׳-הווארק) מיהל־ווערק, די מאשינעריע פון א מיהל אדער פאבריק.

mill'wright *n.* (מיל׳-ראיט) איינער וואס בויט מיהלען.

mill'wrighting *n.* (מיל׳-ראי-טינג) די קונסט פון בויען מיהלען.

milord' *n.* (מי-לאהרד׳) פערקירצונג פון ***my lord***

mil'reis *n.* (מיל׳-ריס) טויזענד ריס, [א פארטוגעזישע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך 1 אמעריקאנער דאלאר מיט 8 סענט; א בראזילישע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך 55 אמעריקאנער סענט].

mil'sey *n.* (מיל׳-סי) א מילך־זייער.

milt *n. and v.* (מילט) א מילץ; מילך [פון פיש]; בעפרוכטען [ביי פיש].

mil'ter *n.* (מיל׳-טער) א פיש אדער א הערינג מיט מילך; דער זכר פון פיש אין דער בעפרוכטונגס־צייט.

mil'vine *n. and a.* (מיל׳-ווין) א מין שפארבער אדער קארשון; וואס איז שייך צו דיעזען מין שפארבער. ז. ***kite***

mim'bar *n.* (מימ׳-באר) די בימה אין א מאכמעדאנישער מאשעע.

mime *n. and v.* (מאים) א מימיקער; א נאכמאכער; א פאיאץ, א קלאון, אן אקטיאר א מימיקער; א מימישעם טעאטער־שטיק [וואו עס ווערט געשפיעלט נאר דורך בעוועגונגען און אהן ווערטער]; שפיעלען דורך מימיק; שפיעלען דעם פאיאץ.

mim'eograph *n.* (מימ׳-אי-א-גרעף) א מימעאגראף [אזא אפאראט צו פערפיעלפאכען א געשריבענע שריפט].

mime'sis *n.* (מאי-מי׳-סיס) ז. ***mimicry***

mimet'ic *a.* (מאי-מעט׳-איק) וואס איז געשיקט אין נאכמאכונג אדער נאכאהמונג; נאכמאכענד, נאכאהמענד.

mimet'ical *a.* (מאי-מעט׳-אי-קעל) ז. ***mimetic***

mimet'ically *adv.* (מאי-מעט׳-אי-קעל-אי) אויף א נאכאהמענדען אדער נאכמאכענדען אופן; דורך מימיק.

mim'ic *a., n. and v.* (מימ׳-איק) מימיש; וואס מאכט נאך ווי א מימיקער; נאכמאכענד אדער נאכאהמענד דורך בעוועגונגען; וואס איז נאכגעמאכט אדער נאכגעאהמט; א מימיקער; א נאכאהמער; א מימישער אקטיאר; נאכאהמען, נאכמאכען.

mim'icker *n.* (מימ׳-אי-קער) א מימיקער.

mim'icry *n.* (מימ׳-איק-רי) נאכמאכונג אדער נאכאהמונג; אין זאאלאגיע — מימיקריע, דאס פערשטעלען זיך פאר עטוואס אנדערש [ווי א צווייג־אינזעקט וואס האט די פארם פון א טרוקענעם צווייגעל א. ד. ג.].

Mimo'sa *n.* (מאי-מאו׳-סא) די מימאזע, א מין פלאנצען פון טראפישע לענדער מיט ווייסע בלומען. ביי פיעלע גאטונגען פון דיעזען מין זיינען די בלעטעלעך זעהר עמפפינדליך און ביי יעדער בעריהרונג מאכען זיי זיך צו.

mi'na *n.* (מאי׳-נא) א מין אינדישער קראקעדיגער שטיין־פויגעל, וועלכען מען קען אויסלערנען רעדען; א מנה [אזא פארצייטיג געוויכט אדער פארצייטיגע מטבע פון 60 שקל ביי די אידען, ביי די גריכען און ביי אייניגע אנדערע פארצייטיגע פעלקער].

minar' *n.* (מי-נאר׳) ז. ***minaret***

min'aret *n.* (מינ׳-ע-רעט) א מינארעט [אזא שמאלער, הויכער טהורם מיט גאלערען ווי עס ווערט געבויט אויף די מאכמעדאנישע מאשעען].

Minaret

minato'rial *a.* (מינ-ע-טאו׳-רי-על) וואס סטראשעט, וואס דראהט.

minato'rially *adv.* (מינ-ע-טאו׳-רי-על-אי) אויף א דראהענדען אופן; סטראשענדיג.

min'atorily *adv.* (מינ׳-ע-טא-רי-לי) מיט סטראשונקעס, מיט דראהונגען.

min'atory *a.* (מינ׳-ע-טא-רי) דראהענד, סטראשענד.

min'bar *n.* (מינ׳-באר) ז. ***mimbar***

mince *v. and n.* (מינס) צוהאקען אין קליינע שטיקלעך; פערקלענערען, פערמינדערען; ניט דעררייידען; ריידען מיט א האלבען מויל; ריידען ציערליך־מאניערליך; ריידען מיט א געמאכטער עלעגאנטקייט; געהן מיט געצעהלטע טריט; דין געהאקט פלייש.

minced pie (מינסט פאי) ז. ***mince-pie***

mince mat'ters (מינס מעט׳-ערז) רייידען מיט א האלבען מויל אדער מיט כלומר'שדיגער עדעלקייט; זיך דרעהען, ניט זאגען גלייך.

Be frank. Don't mince matters and come to the point.

mince'-meat *n.* (מינס׳-מיעט) דין געהאקט פלייש.

mince'-pie *n.* (מינס׳-פאי) א קוכען נעפילט מיט דין געהאקטען פלייש אדער פרוכט; א פיראג.

min'cing *a.* (מינ׳-סינג) געציערט, אפעקטירט; וואס רעדט אדער געהט ציערליך־מאניערליך.

min'cing-knife *n.* (מינ׳-סינג-נאיף) א האק־מעסער [צום האקען פלייש, גרינסען א. ד. ג.].

min'cingly *adv.* (מינ׳-סינג-לי) אויף א ציערליכען אופן; אפעקטירענדיג; מיט ציערליכקייט.

mind *n. and v.* (מאינד) דער גייסט; די נשמה; דער ווילען; די ווילענסקראפט; פערלאנג, נייגונג; דאס געדעכניס, זכרון; די געדאנקען; די אינטעלעקטועלע קראפט; דער שכל; דער זינען; די מיינונג, די אנזיכט; די אבזיכט; אויפמערקזאמקייט; האבען אין זינען; נעהמען אין אכט; געדענקען; זיך בעציהען מיט אויפמערקזאמקייט; זיין געהארכזאם; זיך איבערלעגען; נאכטראכטען; האבען א נייגונג אדער פערלאנג; אויפמערקזאם מאכען; אויפפאסען; זיין אויף דער וואך; דערמאהנען.

mind'-cure *n.* (מאינד׳-קיור) די מעטאדע פון היילען קראנקהייטען, וועלכע איז בעגרינדעט אויף דער בעהויפטונג, אז די אורזאכע פון אלע קערפערליכע קראנקהייטען איז דער אוננארמאלער גייסטיגער צושטאנד פון פאציענט און דעריבער דארף דער וואס קורירט די קראנקהייטען דירעקט ווירקען מיט זיין גייסטעס־קראפט אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם פאציענט.

mind'-cur'er *n.* (מאינד׳-קיור׳-ער) איינער וואס האלט פון דער טעאריע אז קראנקהייטען דארפען געהיילט ווערען דורך א דירעקטען איינפלוס אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם פאציענט.

mind'-day *n.* (מאינד׳-דיי) יאהרצייט נאך איינעמס טויט.

min'ded *a.* (מאינ׳-דעד) געזינט, גענייגט; וואס האט געוויסע געדאנקען, מיינונגען אדער אנזיכטען [ווערט געברויכט בלויז אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

min'dedness *n.* (מאינ׳-דעד-נעס) נייגונג, געזינונג, אנזיכט [ווערט געברויכט בלויז אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

min'der *n.* (מאינ׳-דער) אן אויפפאסער.

mind'ful *a.* (מאינד׳-פול) 1. וואכזאם, אכטזאם, אויפמערקזאם; 2. האבענד אין זינען, וויסענד.

2. Mindful of the danger that confronted the army, the general ordered a retreat.

mind'fully *adv.* (מאינד׳-פול-אי) אויפמערקזאם, וואכזאם.

mind'fulness *n.* (מאינד׳-פול-נעס) אויפמערקזאמקייט, וואכזאמקייט, אכטזאמקייט.

mind'-hea'ler *n.* (מאינד׳-היע׳-לער) ז. ***mind-curer***

mind'less *a.* (מאינד׳-לעס) געדאנקענלאז, אהן שכל; דום; אונאויפמערקזאם; ניט וואכזאם.

mind'-rea'der *n.* (מאינד׳-ריע׳-דער) א געדאנקען־לעזער; איינער וואס בעהויפטעט, אז מען קען לעזען דעם צווייטענס געדאנקען.

mind'-rea'ding *n.* (מאינד׳-ריע׳-דינג) די קונסט פון לעזען אימעצענס געדאנקען.

mind the word! (מאינד טהי הווארד) זיי אויפמערקזאם צו דעם געגעבענעם בעפעהל אדער צו דער פעראָרדנונג.

mind'-trans'ference *n.* (מאינד׳-טרענס׳-פער-ענס) טעלעפאטיע [דאס היפנאטיזירען, בעאיינפלוסען אדער אנשטעקען מיט אייגענע געדאנקען אויף א שטרעקע, אהן קערפערליכער בעריהרונג]. ז. ***telepathy***

mind your eye! (מאינד יור אי) זיי פארזיכטיג.

mind your own busi'ness (מאינד

יור און ביז'-נעס) טראכט וועגען דיינע אייגענע געשעפטען, מיש זיך ניט אין פרעמדע עסקים.

mine *pr., n. and v.* (מאין) מיין, מיינע, מייניגע; א מינע, א גרוב, א שאכטע, א מעטאל=גרוב, בערג=ווערק; ערץ, רויהער מעטאל; א מינע, א קויהלען=גרוב, אן אונטערגעגראבענער ארט; אונטערגראבען; גראבען א מינע אדער גרוב; אונטערמינעווען; ארבייטען אין געהיים; רואינירען אדער צושטערען דורך געהיימע פלענער.

mine'-cap'tain *n.* (מאינ'-קעפּ'-טען) דער אויפזעהער פון א מינע אדער שאכטע [קויהלען=גרוב אדער מעטאל=גרוב].

mine'-di'al *n.* (מאינ'-דאי'-על) א מינען=קאמפאס [אזא קאמפאס וואס ווערט בענוצט אין קויהלען=גרובען אדער מעטאל=גרובען].

mi'ner *n.* (מאי'-נער) א מינען=ארבייטער; א קויהלען=גרעבער; אן ארבייטער אין מעטאל אדער מינעראל=גרובען.

min'eral *n. and a.* (מינ'-ע-רעל) א מינעראל [אירגענד וועלכער שטאף וואס געפינט זיך אין דער ערד, בעזאנדערס אן אונארגאנישער שטאף וואס שטעלט מיט זיך פאר א פערבינדונג פון בעשטימטע כעמישע עלעמענטען, ווי שטיין, פעלז, קריסטאל, זאלץ א. ד. ג.]; וואס האט די נאטור אדער דעם כאראקטער פון א מינעראל; וואס איז שייך צו א מינעראל; וואס ענטהאלט מינעראל.

min'eral coal (מינ'-ע-רעל קאול) שטיין=קויהלען.

min'eral greens (מינ'-ע-רעל גריענז) מינעראל=גרין, ארזעניק=זויערעס קופער=אקסיד [אזא גרינע פארב].

mineralisa'tion *n.* (מינ-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) ז. ***mineralization***

min'eralise *v.* (מינ'-ע-רעל-איז) ז. ***mineralize***

min'eraliser *n.* (מינ'-ע-רעל-אי-זער) ז. ***mineralizer***

min'eralist *n.* (מינ'-ע-רעל-איסט) א מינעראלאגיסט, א קענער פון מינעראלען.

min'eralizable *a.* (מינ'-ע-רעל-אי-זעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין א מינעראל.

mineraliza'tion *n.* (מינ-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) פערוואנדלונג אין א מינעראל [ווי ווען א מעטאל ווערט אקסידירט א. ד. ג.].

min'eralize *v.* (מינ'-ע-רעל-איז) פערוואנדלען א מעטאל אין א מינעראל; מאכען אן עקסקורסיע צו זאמלען מינעראלען.

min'eralizer *n.* (מינ'-ע-רעל-אי-זער) א שטאף וואס פערוואנדעלט א מעטאל אין א מינעראל [ווי שוועבעל, זויער=שטאף א. ד. ג.]

mineralog'ic *a.* (מינ-ע-רע-לאדזש'-איק) ז. ***mineralogical***

mineralog'ical *a.* (מינ-ע-רע-לאדזש'-אי-קעל) מינעראלאגיש; וואס געהערט צו דער לעהרע וועגען מינעראלען.

mineralog'ically *adv.* (מינ-ע-רע-לאדזש'-אי-קעל-אי) לויט די פרינציפען פון מינעראלאגיע. ז. ***mineralogy***

mineral'ogist *n.* (מינ-ע-רעל'-א-דזשיסט) א מינעראלאגיסט, א קענער אין מינעראלען.

mineral'ogize *v.* (מינ-ע-רעל'-א-דזשאיז) שטודירען מינעראלאגיע; זאמלען מינעראלאגישע עקזעמפלארען.

mineral'ogy *n.* (מינ-ע-רעל'-א-דזשי) מינעראלאגיע, די לעהרע וועגען מינעראלען, די מינעראלען=וויסענשאפט.

min'eral oil (מינ'-ע-רעל איל) קעראסין, פעטראלעאום.

min'eral pitch (מינ'-ע-רעל פיטש) ערד=פעך, אספאלט.

min'eral spring (מינ'-ע-רעל ספרינג) א מינעראל=וואסער=קוואל.

min'eral tar (מינ'-ע-רעל טאר) ערד=טער [ערד=דזשעגעכץ].

min'eral wa'ters (מינ'-ע-רעל הוואה'-טערז) מינעראל=וואסער [וואסער וואס ענטהאלט אין זיך מינעראלען].

min'eral wool (מינ'-ע-רעל הוואול) מינעראל=וואל, אזא גלאנציגער, פעדימדיגער מאטעריאל, וואס ווערט ערהאלטען ווען מען לאזט פליסען א שטראם דאמפף אויף געשמאלצענע שלאקען [פסולת] פון מעטאלען.

Miner'va *n.* (מי-נויר'-ווא) מינערווא [אין דער רוימישער מיטאלאגיע — די געטין פון חכמה, אינטעליגענץ, ערפינדונגען און קונסט].

Minerva

Miner'va Press (מי-נויר'-ווא פרעס) שונד=ראמאנען, שונד=ליטעראטור; א געוויסע דרוקעריי אמאל אין לאנדאן וואו עס האבען זיך געדרוקט שונד=ראמאנען.

min'ever *n.* (מינ'-אי-ווער) ז. ***miniver***

min'gle *v.* (מינגל) מישען; פערמישען; צונויפמישען; זיין צונויפגעמישט; האבען געזעלשאפטליכען פערקעהר.
The newcomer in our town does not mingle with his neighbors.

min'gledly *adv.* (מינ'גלד-לי) צונויפגעמישט, אויף א צונויפגעמישטען אופן.

min'glement *n.* (מינ'גל-מענט) א צונויפמישונג, א געמיש.

min'gler *n.* (מינ'-גלער) א פערמישער, א צונויפמישער.

min'iate *v.* (מינ'-אי-אייט) פארבען אדער מאלען אויף רויט. ז. ***minium***

min'iature *n. and a.* (מינ'-אי-ע-טשור) א מיניאטור, א פערקלענערונג פון עפעס; א מיניאטור=בילד [א גאנץ קליין בילד]; קליין, פיעל קלענער ווי די נאטירליכע גרויס.

numera'tion *n.* (ניו-מע-ריי'-שאן) נומערירונג, צעהלונג; לעזונג פון צאהלען [וואס זיינען געשריבען אין ציפערען].

nu'merative *a.* (ניו'-מע-ריי-טיוו)

צעהלענד; וואס איז שייך צו צעהלונג, רעכנונג אדער נומערירונג.

nu'merator *n.* (ניו-מע-ריי-טאר) א צעהלער, א רעכנער; א צעהלער פון א ברוך-צאהל [די אויבערשטע צאהל, וואס ציינט וויפיעל חלקים עס זיינען גענומען געווארען, ווי די צאהל 3 אין דער ברוך-צאהל ¾].

numer'ical *a.* (ניו-מער'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א צאהל, וואס בעצייכענט א צאהל; נומעריש, וואס ווערט אויסגעדריקט אין ציפערען.

numer'ical equa'tion (ניו-מער'-אי-קעל אי-קהוויי'-שאן) אן אלגעבראאישע גלייכונג, אין וועלכער אלע צאהלען, אויסער דער געזוכטער צאהל [וועלכע מען דארף ערשט אויסגעפינען], זיינען בעצייכענט מיט ציפערען.

numer'ically *adv.* (ניו-מער'-אי-קעל-אי) 1. אין צאהל; 2. נומעריש, אויסגעדריקט אין ציפערען.

1. We are numerically stronger than our enemy.

numer'ical val'ue (ניו-מער'-אי-קעל וועל'-יו) דער נומערישער ווערטה, דער צאהל-ווערטה [אין מאטעמאטיק — ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט בלויז די צאהל, ניט רעכנענדיג זיך מיט דעם צייכען + אדער —. למשל: דער נומערישער ווערטה פון 10— איז גרעסער פון 5—, אבוואהל די ערשטע צאהל איז אין אמת'ן קלענער פון דער צווייטער].

nu'mero *n.* (ניו'-מע-ראו) א נומער [אבגעקירצט: *No.*].

numeros'ity *n.* (ניו-מע-ראס'-אי-טי) צאהלרייכקייט; הארמאניע, פאעטישער ריטם.

numerotage' *n.* (ניו-מע-רא-טאזש') נומערירונג פון פעדים לויט זייער זארט.

nu'merous *a.* (ניו'-מע-ראס) צאהל-רייך; פיעל.

Numerous appeals for charity are made to me daily.

nu'merously *adv.* (ניו'-מע-ראס-לי) אין גרויסע מאסען, אין א גרויסער צאהל.

nu'merousness *n.* (ניו'-מע-ראס-נעס) צאהלרייכקייט; פיעלקייט.

Numid'ian crane (ניו-מיד'-אי-ען קריין) דער נומידישער קראניך אדער זשוראוול [א גרויסער אפריקאנישער פויגעל מיט א לאנגען האלז און לאנגע פיס. פאר זיין שעהנעם גראציעזען אויסזעהן רופט מען איהם אפט "דעמואזעל" אדער יונגפרוי].

Numidian Crane

numismat'ic *a.* (ניו-מיס-מעט'-איק) נומיזמאטיש, וואס איז שייך צו נומיזמאטיק [די וויסענשאפט וועגען מטבעות און מעדאלען], וואס איז שייך צו מטבעות און מעדאלען.

numismat'ical *a.* (ניו-מיס-מעט'-אי-קעל) ז. *numismatic*.

numismat'ically *adv.* (ניו-מיס-מעט'-אי-קעל-אי) אין נומיזמאטישען זין.

ז. *numismatics*

numismati'cian *n.* (ניו-מיס-מע-טיש'-ען) ז. *numismatist*.

numismat'ics *n.* (ניו-מיס-מעט'-איקס) נומיזמאטיק, די וויסענשאפט וועגען מטבעות און מעדאלען.

numis'matist *n.* (ניו-מיס'-מע-טיסט) א נומיזמאטיקער, א קענער פון מטבעות און מעדאלען.

numismatog'raphy *n.* (ניו-מיס-מע-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון מטבעות און מעדאלען; נומיזמאטיק [די וויסענשאפט וועגען מטבעות און מעדאלען].

numismatol'ogist *n.* (ניו-מיס-מע-טאל'-א-דזשיסט) ז. *numismatist*.

numismatol'ogy *n.* (ניו-מיס-מע-טאל'-א-דזשי) ז. *numismatography*.

num'mary *a.* (נאמ'-ע-רי) וואס איז שייך צו מטבעות; וואס איז שייך צו געלד.

num'miform *a.* (נאמ'-אי-פארם) ז. *nummulary*.

num'mular *a.* (נאמ'-יו-לאר) עהנליך צו א מטבע; אין מעדיצין — פלאך און רונד ווי א מטבע [וועגען ליחה].

num'mulary *a.* (נאמ'-יו-לע-רי) וואס איז שייך צו מטבעות אדער צו געלד; אין מעדיצין — פלאך און רונד ווי א מטבע [וועגען ליחה].

num'mulated *a.* (נאמ'-יו-ליי-טעד) ז. *nummular*.

numps *n.* (נאמפס) ז. *numskull*.

num'skull *n.* (נאמ'-סקאל) א דומקאפ, א שוטה.

num'skulled *a.* (נאמ'-סקאלד) דומקעפיג, נאריש, טעמפ.

num'ud *n.* (נאמ'-אד) א מין דיקער פערזישער טעפיך [קאווער].

nun *n.* (נאן) א נאנע, א מאנאשקע; די נאנען-טויב אדער שלייער-טויב [א ווייסע הויז-טויב מיט טונקעלע פעדערען אויף'ן קאפ, וואס דערמאהנען אן א נאנען-הויב]; די ווייסע נאנע [אזא קליין טויך-ענטעל]; דער נאנען-פויגעל [א זיד-אמעריקאנישער פויגעל מיט ווייסע פלעקען אויף'ן קאפ און אויף די פליגעל].

nun'-bird *n.* (נאנ'-בוירד) דער נאנען-פויגעל [אזא זיד-אמעריקאנישער פויגעל מיט ווייסע פלעקען אויף'ן קאפ און אויף די פליגעל].

nun'-buoy *n.* (נאנ'-באי) א נאנען-באיע אדער שפינדעל-באיע [אזא שפיציגער אנקער-צייכען אדער שווימענדע שטיק האלץ וואס ציינט אן די שיפען די געפעהרליכע ערטער אין ים].

nunch *n.* (נאנטש) א שטיק, א מאסע; א לייכטער צוביים.

nun'cheon *n.* (נאנ'-טשאן) א לייכטער צוביים. ז. *lunch*.

nun'ciate *n.* (נאנ'-שי-אייט) איינער וואס לאזט וויסען אדער ברענגט א שליחות; א שליח; א נונציוס [א פאפסטליכער שליח, א פאפסטליכער דיפלאמאטישער פערטרעטער אדער געזאנדטער].

nun'ciature *n.* (נאנ'-שי-ע-טשור) נונציאטור, דאס אמט פון א נונציוס [א פאפסטליכער שליח, א פאפסטליכער דיפלאמאטישער פערטרעטער אדער געזאנדטער].

nun'cio *n.* (נאנ'-שי-או) א נונציוס [א פאפסטליכער שליח, א פאפסטליכער דיפלאמאטישער פערטרעטער אדער געזאנדטער]; א שליח.

nun'cius *n.* (נאנ'-שי-אס) ז. *nuncio*.

nun'cupative *a.* (נאנ'-קיו-פיי-טיוו) ניט געשריבען, מינדליך [וועגען א צוואה].

nun'cupatory *a.* (נאנ'-קיו-פיי-טא-רי) ז. *nuncupative*.

nun'dinal *a.* and *n.* (נאנ'-די-נעל) וואס איז שייך צו א יאריד אדער מארק-טאג; ביי די פארצייטיגע רוימער — איינער פון די ערשטע 8 בוכשטאבען פון דער א-ב-צע, וועלכע זיינען געברויכט געווארען צו בעצייכענען די טעג פון דער וואך.

nun'dinal let'ter (נאנ'-די-נעל לעט'-ער) ביי די פארצייטיגע רוימער — איינער פון די ערשטע 8 בוכשטאבען פון דער א-ב-צע, וועלכע זיינען געברויכט געווארען צו בעצייכענען די טעג אין דער וואך.

nun'dinary *a.* (נאנ'-די-נע-רי) וואס איז שייך צו א יאריד אדער א מארק-טאג.

nun'nari-root *n.* (נאנ'-ע-רי-רוהט) דער סארסאפארילא-ווארצעל [אזא פלאנצע]. ז. *sarsaparilla*.

nunna'tion *n.* (נא-ניי'-שאן) דער אפמער געברויך פון דעם בוכשטאב *n*; דאס צוגעבען א *n* צום ענדע פון א ווארט, ווען דאס ווארט ענדיגט זיך מיט א וואקאל.

nun'nery *n.* (נאנ'-ער-אי) א פרויען-מאנאסטיר, א נאנען-קלויסטער; דאס נאנען-לעבען; נאנען [קאלעקטיוו]; א טריפאריום [אזא גאלעריי אין די מיטעלאלטערליכע קלויסטערס].

nun'nish *n.* (נאנ'-איש) וואס איז שייך צו נאנען אדער מאנאשקעס.

nun'nishness *n.* (נאנ'-איש-נעס) דער כאראקטער אדער די געוועהנהייטען פון נאנען.

nun's'-cot'ton *n.* (נאנז'-קאט'ן) דינע ווייסע פעדים צו מאכען שפיצען [קרוזשעווע].

nun's'-veil'ing *n.* (נאנז'-וויילי'-אינג) אזא וואלאלען-שטאף.

nun'tius *n.* (נאנ'-שי-אס) ז. *nuncio*.

Nu'phar *n.* (ניו'-פאר) דער מין געלבע וואסער-ליליען אדער טייך-רויזען.

nup'tial *a.* and *n.* (נאפ'-שעל) וואס איז שייך צו א חתונה אדער צו הייראט; א חתונה.

nup'tial benedic'tion (נאפ'-שעל בענ-אי-דיק'-שאן) חופה וקדושין.

nup'tially *adv.* (נאפ'-שעל-אי) אין בעצוג צו חתונה אדער צו דער חתונה-צערעמאניע.

nup'tial pair (נאפ'-שעל פעהר) חתן-כלה.

nup'tial plu'mage (נאפ'-שעל פלוה'-מעדזש) האכצייטס-פעדערען [די בעזונדערס שעהנע פעדערען וואס וואקסען אויס ביי די פויגלען אין דעם סעזאן פון פארונג].

nup'tials *n.* (נאפ'-שעלז) חתונה.

nup'tial song (נאפ'-שעל סאהנג) א חתונה-געזאנג.

nup'tial tie (נאפ'-שעל טאי) דער הייראטס-באנד.

nur *n.* (נויר) א קנאטען, א סוק [אין האלץ]; א הילצערנער באל.

nur'-and-spell' *n.* (נויר'-ענד-ספעל') אזא שפיעל מיט א הילצערנעם באל [דעם באל לאזט מען זיך אבדרעהן פון א שטריקעל און דערביי קלאפט מען איהם אב מיט א שטעקען].

nurl *v.* (נוירל) מאכען איינשניטע אין א ראנד [ווי למשל, פון א מטבע].

nur'ling *n.* (נויר'-לינג) א רייה איינשניטע [ווי למשל, אין א ראנד פון א מטבע אדער פון א שרויף]; גראווירונג אין זיג-זאג ליניען.

nur'ly *a.* (נויר'-לי) וואס האט קנאטען; סוקעוואטע.

nurr *n.* (נויר) ז. *nur*.

nurse *n. and v.* (נוירס) א אם; א אן ווערטער, א ווערטעריז, א ווארטספרוי; איינער אדער עטוואס וואס ערציהט, בעוואהרט אדער בעשיצט; דאס זויגען, דאס זיין אונטער דער אויפזיכט פון אן אם אדער ווערטערין; א בוים אדער קוסט וואס בעשיצט א יונגע פלאנצע; א מין האיפיש, וועלכער איז זעהר ניט בעוועגליך און ליעגט אפט אב גאנצע שטונדען, ניט ריהרענדיג זיך; אין ברויעריי — א כלי מיט קאלטען אדער הייסען וואסער, וואס שטעלט זיך אריין אין ביער, אום צו רעגולירען די געהרונג אדער דאס איהרען; דער אקושער-פראש [ז. *nurse-frog*]; זויגען; געהן ארום א קינד, האדעווען, ערציהען; געהן ארום א קראנקען; ענטוויקלען, קולטיווירען; צערטלען; בעשווינדלען.

nurse'-child *n.* (נוירס'-טשאילד) א זויג-קינד.

nurse'-frog *n.* (נוירס'-פראג) דער אקושער-פראש [א מין פראש אדער זשאבע. דער "ער" פון דעם מין טראגט אויף זיך די אייעלעך, פון וועלכע עס דארפען ארויסקומען די יונגע פרעש. די אייעלעך שטעלען מיט זיך צוזאמען א שנור און די שנור וויקעלט ארום זיך ארום דער "ער"].

nurse'keeper *n.* (נוירס'-קיעפ-ער) א ווערטער אדער ווארטעריז, וואס דיענט אויך אין דערזעלבער צייט אלס וואך.

nurse'-maid *n.* (נוירס'-מייד) א קינדער-מיידעל, א ניאנקע.

nurse'-name *n.* (נוירס'-ניים) א פערצויגענער נאמען.

Billy is a nurse-name for William.

nurse'-pond *n.* (נוירס'-פאנד) א טייכעל צום אויסבריהען אדער אויסהאדעווען יונגע פיש.

nur'ser *n.* (נויר'-סער) א קולטיווירער; אן ערציהער.

nur'sery *n.* (נויר'-סער-אי) אן ערציהונגס-שטוב, אן אם-שטוב, א קינדער-ערציהונגס-אנשטאלט; א פלאץ, וואו מען קולטיווירט פלאנצען [צום פערקויפען אדער איבערפלאנצען]; א קאסטען, אין וועלכען מען האדעוועט יונגע פישלעך; א בעשעפטיגונג אדער צושטאנד וואס ענטוויקעלט א געוויסע אייגענשאפט.

nur'sery-gar'den *n.* (נויר'-סער-אי-גאר'דן) א פלאץ וואו מען קולטיווירט פלאנצען צום איבערפלאנצען אדער צום פערקויף.

nur'sery-gar'dener *n.* (נויר'-סער-אי-גאר'דנ-ער) ז. *nurseryman*.

nur'sery-maid *n.* (נויר'-סער-אי-מייד) ז. *nurse-maid*.

nur'seryman *n.* (נויר'-סער-אי-מען) איינער וואס קולטיווירט פלאנצען צום איבערפלאנצען אדער צום פערקויף.

nurs'es' contrac'ture (נוירס'-עז קאנ-טרעק'-טשור) פערשטארונג, קראמפ-ספאזמען [ווערט אזוי גערופען, ווייל דיעזע ספאזמען קומען אפט פאר ביי זויגענדע פרויען].

nurse'-shark *n.* (נוירס'-שארק) א מין האיפיש וואס צייכענט זיך אוים דערמיט וואס ער קען לאנג אבליעגען אהן בעוועגונג אויף איין פלאץ. ז. *sleeping-shark*.

nur'sing-bot'tle *n.* (נויר'-סינג-באטל) א זויג-פלעשעל [צום זויגען קינדער].

nurs'ling *n.* (נוירס'-לינג) א זויג-קינד, א פפלעג-קינד, אן ערציהונגס-קינד; א ליעבלינג.

nur'spell *n.* (נויר'-ספעל) ז. *nur-and-spell*.

nur'tural *a.* (נויר'-טשור-על) וואס קומט פון נאהרונג; וואס קומט פון ערציהונג.

nur'ture *n. and v.* (נויר'-טשור) ערנעהרונג, קולטיווירונג, דאס אויפברייגנען, ערציהונג, פפלעגע; נאהרונג, שפייז; האדעווען, ערנעהרען, גיבען נאהרונג; ערציהען, אויפברייגנען, אויסהאדעווען.

nut *n. and v.* (נאט) א נוס; אין מאשינעריע — א קליינער טייל; א שרויפען-מוטער, א מוטערקע; א שרייפעל צו בעפעסטיגען א ראד, א פעררוקער א. ז. וו.; א צילינדער מיט ציינער, וועלכע פאסען זיך אריין אין די ציינער אדער אויסהוילונגען פון א ראד; דאס העלצעל ביים קעפעל פון א פידעל און אנדערע עהנליכע אינסטרומענטען, וואס הויבט עטוואס אונטער די סטרונעס; דאס שרייפעל ביים ענד פון א סמיק [מיט וועלכען מען ציהט אן די האר אויף'ן סמיק]; נוס-קויהלען; קלייבען ניס, רייסען ניס; זיך ליעבען.

nu'tant *a.* (ניו'-טענט) אראבהענגענד, געבויגען אראב-צו, מיט אן אראבגעבויגענעם שפיץ [ווענען פלאנצען]; משופע'דיג [ווענען קערפער-טיילען ביי אינזעקטען].

nuta'tion *n.* (ניו-טיי'-שאן) דאס שאקלען; דאס אונאויפהערליכע טרייסלען מיט'ן קאפ [אזא קראנקהייט]; נוטאציאן [דאס שאקלען זיך פון דער ערד-אקס, וואס קומט פון דער צוציהונגס-קראפט פון דער זון און פון דער לבנה]; דאס פערבויגען זיך רונד [ווי די קעפלעך פון געוויסע פלאנצען].

nuta'tional *a.* (ניו-טיי'-שאנ-על) שאקעלדיג, וואקעלדיג, געבויגען. ז. *nutation*.

nuta'tor *n.* (ניו-טיי'-טאר) איינער וואס נייגט דעם קאפ; דער מוסקעל וואס רופט ארוים די נייגונג פון קאפ.

nut'breaker *n.* (נאט'-בריי-קער) דער נוס-קנאקער [אזא פויגעל פון ברוינעם קאליר מיט ווייסע פלעקען. ז. *nutcracker*]; דער בלוי-שפעכט [אזא מין פויגעל. ז. *nuthatch*].

nut'-brown *a.* (נאט'-בראון) נוס-ברוין, קאשטאנען-קאליר.

nut'cake *n.* (נאט'-קייק) א טייגעל, א קליין קיכעל. ז. *doughnut*.

nut'cracker *n.* (נאט'-קרעק-ער) א נוס-קנאקער [צום קנאקען ניס]; דער נוס-קנאקער [אזא קראהע-עהנליכער פויגעל פון ברוינעם קאליר מיט ווייסע פלעקען].

Nutcracker

nut'-crack night (נאט'-קרעק נאיט) די נאכט ערב דעם קריסטליכען יום-טוב פון אלע הייליגע [ווען מען עסט געוועהנליך פיעל ניס].

nut'-fast'ening *n.* (נאט'-פעס'-נינג) ז. *nut-lock*.

nut'gall *n.* (נאט'-גאהל) א גאלעש-נוס, א גאל-עפעל, א טינט-נוס [אזא נוספערמיגער אנוואוקס אויף די בלעטער פון אייכען-בוימער].

nut'hacker *n.* (נאט'-העק-ער) ז. *nuthatch*.

nut'hatch *n.* (נאט'-העטש) דער בלוי-שפעכט אדער דער בלויער פיק-האלץ [אזא בלוילינער פויגעל מיט א קורצען, ווי אבגעהאקטען עק און מיט א שארפען, לאנגען שנאבעל. ער קריכט זעהר גוט אויף בוימער און מאכט זיין נעסט אין לעכער פון בוימער].

nut'-hole *n.* (נאט'-האול) דער איינשניט אין א שיס-בויגען פאר דער פייל.

nut'-hook *n.* (נאט'-הוק) א נוס-ברעכער, א נוס-רייסער [א פלאקען מיט א האקען ארונטערצושלעפען צווייגען צו רייסען ניס].

nut'jobber *n.* (נאט'-דזשאב-ער) ז. *nuthatch*.

nut'let *n.* (נאט'-לעט) א ניסעל.

nut'-lock *n.* (נאט'-לאק) א פארריכטונג צו בעפעסטיגען די שרויפען-מוטער [מוטערקע], אז זי זאל ניט לויז ווערען פון שרויף דורך טרייסלונגען.

nut'-machine' *n.* (נאט'-מע-שין') א מאשין צו מאכען שרויפען-מוטערס [מוטערקעס].

nut'meal *n.* (נאט'-מיעל) נוס-מעהל [מעהל פון צומאלענע ניס].

nut'meg *n.* (נאט'-מעג) א מוסקאט-נוס; דער מוסקאט-נוס בוים.

Nutmeg

nut'meg-but'ter *n.* (נאט'-מעג-באט'-ער) מוסקאט-נים אויל, מוסקאט-נים פוטער.

nut'meg-flow'er *n.* (נאט'-מעג-פלאו'-

ער) די מוסקאט=פלאנצע [אזא פלאנצע מיט שמעקעדיגע זאמען].

nut'megged *a.* (נאט'-מעגד) געווירצט מיט מוסקאט=נים.

nut'meg-gra'ter *n.* (נאט'-מעג-גריי'-טער) א פארריכטונג צום צורייבען מוסקאט=נים.

nut'meggy *a.* (נאט'-מעג-אי) עהנליך צו מוסקאט=נים.

nut'meg-liv'er *n.* (נאט'-מעג-ליוו'-ער) א מוסקאט=נוס לעבער [אזא קראנקהאפטער צושטאנד פון לעבער, ווען ער דערמאהנט מיט זיין אויסזעהן אן א מוסקאט=נוס].

nut'meg-oil *n.* (נאט'-מעג-איל) מוסקאט=נים אויל, מוסקאט=נים פוטער.

nut'meg-pig'eon *n.* (נאט'-מעג-פידזש'-אן) די מוסקאט=נים טויב [אזא טויב, וואס ערנעהרט זיך מיט מוסקאט=נים].

nut'meg-tree *n.* (נאט'-מעג-טריע) דער מוסקאט=נוס בוים.

nut'-oil *n.* (נאט'-איל) נוס=אויל, אויל פון וועלעשע נים.

nut'pecker *n.* (נאט'-פעק-ער) ז. ***nuthatch***

nut'-pick *n.* (נאט'-פיק) א נוס=לעפעלע [ארויסצונעהמען דעם נוס פון דער שאלעכץ].

nu'tria *n.* (ניו'-טרי-א) דער זומפ=ביבער; די פעל פון דעם זומפ=ביבער. ז. ***coypou***

nu'trient *a.* and *n.* (ניו'-טרי-ענט) נעהרענד, נאהרהאפט; וואס פיהרט דורך די נאהרונג; נאהרונגס=שטאף, עטוואס נאהרהאפטעס.

nu'trify *v.* (ניו'-טרי-פאי) נעהרען; זיין נאהרהאפט.

nu'triment *n.* (ניו'-טרי-מענט) נאהרונג, שפייז.

nutrimen'tal *a.* (ניו-טרי-מענ'-טעל) נעהרענד, נאהרהאפט.

nutri'tion *n.* (ניו-טריש'-אן) ערנעהרונג, נאהרונג, שפייזונג, שפייז.

nutri'tional *a.* (ניו-טריש'-אנ-על) נעהרענד, וואס איז שייך צו שפייזונג אדער נאהרונג.

nutri'tionally *adv.* (ניו-טריש'-אנ-על-אי) אין בעצוג צו נאהרונג.

nutri'tious *a.* (ניו-טריש'-אס) נעהרענד, נאהרהאפט, ערנעהרענד; זאפטיג, קרעפטיג.

nutri'tiously *adv.* (ניו-טריש'-אס-לי) נאהרענד, נאהרהאפט.

nutri'tiousness *n.* (ניו-טריש'-אס-נעס) נאהרהאפטיגקייט.

nu'tritive *a.* (ניו'-טרי-טיוו) ז. ***nutritious***

nu'tritively *adv.* (ניו'-טרי-טיוו-לי) ז. ***nutritiously***

nu'tritiveness *n.* (ניו'-טרי-טיוו-נעס) ז. ***nutritiousness***

nutrito'rial *a.* (ניו-טרי-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו נאהרונג; וואס איז שייך צום נאהרונגס=אפאראט אין אן ארגאניזם [דער מאגען, די געדערים א. ז. וו.].

nutrito'rium *n.* (ניו-טרי-טאו'-רי-אם) דער נאהרונגס=אפאראט אין אן ארגאניזם [דער מאגען, די געדערים א. ז. וו.].

nuts *n.* (נאטס) עטוואס זעהר אנגענעהמעס; בצים [פון מענשליכען געשלעכטס=ארגאן].

nut'shell *n.* (נאט'-שעל) נוס=שאלעכץ; עטוואס פון א קליינעם פארמאט אדער פון קליינעם ווערטה.

nut'ter *n.* (נאט'-ער) א נים=קלייבער.

nut'tiness *n.* (נאט'-אי-נעס) דאס זיין פול מיט נים; דאס האבען דעם געשמאק אדער ריח פון נים.

nut to crack (נאט טו קרעק) א נוס צו קנאקען [א שווערע פערלעגענהייט, א שווערע פראגע, א שווערע אויפגאבע].

nut'-tree *n.* (נאט'-טריע) א נוס=בוים, א נוס=קוסט.

nut'ty *a.* (נאט'-אי) פול מיט נים; וואס האט דעם געשמאק אדער דעם ריח פון נים.

nut'-wee'vil *n.* (נאט'-הוויע'-וול) דער נוס=בויערער אדער נוס=ווארים [אן אינזעקט, וואס לעגט זיינע אייעלעך אין נים].

nut'-wrench *n.* (נאט'-רענטש) א שרויפען=שליסעל.

nux vom'ica (נאקס וואמ'-אי-קא) דער ברעך=נוס אדער סטריכנין=נוס [אזא פרוכט עהנליך צו א פאמעראנץ. די קערנדלעך פון דיעזער פרוכט זיינען ביטער און גיפטיג און גיבען ארוים סטריכנין]; דער ברעך=נוס בוים [אזא גרויסער אסט=אינדישער בוים מיט ביטערען האלץ וואס ווערט געברויכט אלס מיטעל נעגען פיבער און נעגען שלאנגען=ביס].

Nux Vomica

nuz'zle *v.* (נאזל) ארייננשטעקען די נאז; גראבען מיט דער נאז אדער מיט דער מארדע; רייבען מיט דער נאז; שמעקען; אנריהרען מיט דער נאז; ארייננשטעקען א רינג אין דער נאז; איינגראבען [מיט דער נאז אדער מיט'ן קאפ]; צודריקען צו זיך; זיין נאהענט.

N. W. ראשי תבות פון *northwest*

N. Y. ראשי תבות פון *New York* [די שטאדט ניו יארק; דער שטאאט ניו יארק, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

nyan'za *n.* (ני-ענ'-זא) א וואסערעל, אן אזיערע, א טייכעל, א זומפ; א טייך וואס פאלט אריין אין אן אזיערע.

nyctal'opes *n.* (ניק-טעל'-א-פיען) נאכט=בלינדע. ז. ***nyctalops***

nyctalo'pia *n.* (ניק-טע-לאו'-פי-א) נאכט=בלינדקייט [דאס ניט קענען זעהן ביי א טונקעלער שיין].

nyctalop'ic *a.* (ניק-טע-לאפ'-איק) נאכט=בלינד, וואס איז שייך צו נאכט=בלינדקייט, וואס זעהט ניט ביי א טונקעלער שיין.

nyc'talops *n.* (ניק'-טע-לאפס) א נאכט=בלינדער [איינער וואס קען ניט זעהן ביי א טונקעלער שיין].

nyc'talopy *n.* (ניק'-טע-לאו-פי) ז. ***nyctalopia***

nyctisau'rian *n.* and *a.* (ניק-טי-סאה'-רי-ען) א געקא [אזא יאשטשערקע]; וואס איז שייך אדער עהנליך צו א געקא.

nyctitrop'ic *a.* (ניק-טי-טראפ'-איק) וואס ענדערט די לאגע אין אבענד [ווענען פלאנצען אדער פלאנצען=טיילען].

nyc'titropism *n.* (ניק'-טי-טראו-פיזם) די געוועהנהייט פון געוויסע פלאנצען אדער פלאנצען=טיילען צו ענדערען זייער לאגע צו אבענד=צו.

nyc'tophile *n.* (ניק'-טא-פיל) א מין פלעדערמויז.

nyl'ghai *n.* (ניל'-גאי) ז. ***nilgau***

nyl'ghau *n.* (ניל'-גאה) ז. ***nilgau***

nymph *n.* (נימף) א נימפע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — איינע פון די געטינען פון נידריגערען גראד, וועלכע האבען פערזאניפיצירט די נאטור=קרעפטען און זיינען פארגעשטעלט געווארען אין דער פארם פון שעהנע מיידלעך. די וואסער=נימפען האבען זיך גערופען נאיאדען, די בערג=נימפען — ארעאדען, די וואלד=נימפען — דריאדען]; א יונגע אנציהענדע פרוי; א קוקאלקע אדער פופע [די ענטוויקלונגס=פארם פון אן אינזעקט צווישען דעם ווערימעל און דעם אינזעקט].

nym'pha *n.* (נימ'-פא) די פופע אדער קוקאלקע [די ענטוויקלונגס=פארם פון אן אינזעקט צווישען דעם ווערימעל און דעם אינזעקט]; די אינערליכע ליפען=עהנליכע טיילען אין דעם פרויען געשלעכטס=ארגאן.

nym'phal *a.* (נימ'-פעל) וואס איז שייך צו נימפען [ז. ***nymph***]; וואס איז שייך צו א פופע [ז. ***nympha***].

nymphe'an *a.* (נימ-פי'-ען) וואס איז שייך צו נימפען; בעוואהנט פון נימפען. ז. ***nymph***

nym'phic *a.* (נימ'-פיק) וואס איז שייך צו נימפען, ווי א נימפע. ז. ***nymph***

nymphi'tis *n.* (נימ-פאי'-טיס) ענטצינדונג פון די אינערליכע ליפען=עהנליכע טיילען פון דעם פרויען געשלעכטס=ארגאן.

nymph'-like *a.* (נימפ'-לאיק) ווי א נימפע; שעהן, רייצענד. ז. ***nymph***

nymph'ly *a.* (נימפ'-לי) ז. ***nymph-like***

nym'pholepsy *n.* (נימ'-פא-לעפ-סי) נימפאלעפסיע, א ווילדער עקסטאז.

nym'pholept *n.* (נימ'-פא-לעפט) א נימפאלעפט, איינער וואס איז ארומגעכאפט פון א ווילדען עקסטאז.

nympholep'tic *a.* (נימ-פא-לעפ'-טיק) נימפאלעפטיש, אין ווילדען, משוגע'נעם עקסטאז.

nymphoma'nia *n.* (נימ-פא-מיי'-ני-א) נימפאמאניע, עראטיזם ביי פרויען, אונערזעטליכע געשלעכטליכע ליידענשאפט ביי פרויען.

nymphoma'niac *a.* and *n.* (נימ-פא-מיי'-ני-עק) נימפאמאניש, וואס האט אן אונערזעטליכע געשלעכטליכע ליידענשאפט [ווענען פרויען]; א פרוי וואס ליידט פון נימפאמאניע.

nymphomani'acal *a.* (נימ-פא-מע-נאי'-ע-קעל) נימפאמאניש. ז. ***nymphomaniac***

nym'phomany *n.* (נימ'-פא-מיי-ני) ז. ***nymphomania***

nymphot'omy *n.* (נימ-פאט'-א-מי) די בעשניידונג פון די אינערליכע ליפען=עהנליכע טיילען פון דעם ווייבליכען געשלעכטס=ארגאן. ז. ***nympha***

nystag'mus *n.* (ניס-טעג'-מאס) א קראנקהאפטעס צוקען פון די אויגען.

N. Z. ראשי תבות פון *New Zealand* [ניי זעעלאנד, אן אויסטראלישער אינזעל].

O

O, o (או) דער פופצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

o *n.* (או) א קרייז, אן אוואל, א רונדער געגענשטאנד.

O *int.* (או) א! אך!

O. אבקירצונג פון *Ohio* [אהאיא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד=אמעריקא].

oaf *n.* (אוף) אן אידיאט, א בולוואן, א גולם, א שוטה.

oa'fish *a.* (או'-פיש) נאריש, אידיאטיש, דום.

oa'fishness *n.* (או'-פיש-נעס) אידיאטיזם, דומהייט.

oak *n.* (אוק) א דעמב, אן אייכען=בוים; אייכען=האלץ, דעמבאווע האלץ.

oak'-ap'ple *n.* (אוק'-עפל) גאל=עפעל, גאלעפעל [אזא עפעל=פערמיגער געוויקס אויף די בלעטער פון אן אייכען=בוים].

oak'-bark *n.* (אוק'-בארק) דעמבאווע קארע, די קארע פון אן אייכען=בוים.

oa'ken *a.* (אוקען) געמאכט פון אייכען=האלץ; וואס בעשטעהט פון אייכען=בוימער.

oak'-gall *n.* (אוק'-גאהל) ז. *oak-apple*

oak'ling *n.* (אוק'-לינג) א יונגער דעמב, א יונגער אדער קליינער אייכען=בוים.

oak'-pa'per *n.* (אוק'-פיי'-פער) טאפעטען [אביטשעס] וואס זעהען אויס ווי אייכען=האלץ.

oak'-span'gle *n.* (אוק'-ספענ'גל) אזא פלאכער אנוואוקס אויף דער אונטערשטער זייט פון אייכען=בלעטער.

oak'-tree *n.* (אוק'-טריע) אן אייכען=בוים, א דעמב.

oa'kum *n.* (או'-קאם) פאקולעס [אבפאל פון פלאקס אדער פון קאנאפליעס]; פאנאנדערגעפלאכטענע שטיקער אלטע שטריק.

oa'ky *a.* (או'-קי) ווי אייכען=האלץ, ווי דעמב; הארט, פעסט.

oar *n. and v.* (אור) א רודער, א וועסלע, א וואסער=לאפעטע פון א שיפעל; רודערען.

oar'age *n.* (אור'-עדזש) רודער [קאלעקטיוו].

oared *a.* (אורד) רודערדיג, מיט רודער, מיט וועסלעס.

oar'less *a.* (אור'-לעס) אהן רודער, אהן וועסלעס.

oar'-lock *n.* (אור'-לאק) די קרוקעס אין די זייטען פון א שיפעל וואו די רודער ווערען ארייגעשטעלט.

oars'man *n.* (אורז'-מען) א רודערער.

oars'manship *n.* (אורז'-מענ-שיפ) די קונסט פון רודערען.

oar'y *a.* (אור'-אי) רודער=פערמיג, ווי א רודער.

oa'sal *a.* (א-איי'-סעל) וואס איז שייך צו אן אאזיס; וואס איז געפונען אין אן אאזיס. ז. *oasis*

oa'sis *n.* (א-איי'-סיס) אן אאזיס, א פרוכטבארער ארט אין א מדבר.

oast *n.* (אוסט) אן אויווען צו טריקענען האפען אדער מאלץ.

oat *n.* (אוט) האבער.

oat'-cake *n.* (אוט'-קייק) האבער=מעהל קוכען.

oa'ten *a.* (אוטען) פון האבער, א האבערנער.

oat'-grass *n.* (אוט'-גרעס) דער ווילדער האבער [א מין גראז].

oath *n.* (אוטה) א שבועה, א שוואור.

oath'-bound *a.* (אוטה'-באונד) געבונדען דורך א שבועה.

oath'-brea'king *n.* (אוטה'-בריי'-קינג) דאס ברעכען א שבועה.

oath of abjura'tion (אוטה אוו עב-דזשו-ריי'-שאן) דאס אבזאגען זיך פון מהראן אונטער א שבועה.

oath of allé'giance (אוטה אוו ע-לי'-דזשענס) די טרייהייטס=שבועה צום לאנד אדער צו דער רעגיערונג.

oath of fe'alty (אוטה אוו פי'-על-טי) די טרייהייטס=שבועה פון דעם וואסאל צו זיין הערר [אין דער פעאדאלער ארדנונג].

oath of of'fice (אוטה אוו אפ'-איס) די שבועה צו זיין געטריי צום אמט.

oath of suprem'acy (אוטה אוו סיו-פרעמ'-ע-סי) א שבועה, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט די פערלייקנונג פון דער קירכליכער אויבערהערשאפט פון פאפסט און וואו עס ווערט אנערקענט די קירכליכע אויבערהערשאפט פון קעניג [הויפטזעכליך אין ענגלאנד].

oat'-malt *n.* (אוט'-מאהלט) האבער=מאלץ.

oat'meal *n.* (אוט'-מיעל) האבער=מעהל; האבער=מעהל קאשע אדער זופ.

oat'-mill *n.* (אוט'-מיל) א מיהל צו מאהלען האבער=מעהל.

òbbliga'to *a. and n.* (אב-לי-גא'-טא) אין מוזיק — אבליגאטאריש, אהן וואס מען קען זיך ניט בעגעהן, וואס קען ניט אויסגעלאזען ווערען; א נויטווענדיגע בעגלייטונג אדער אקאמפאנימענט.

obcor'date *a.* (אב-קאהר'-דייט) וואס האט די פארם פון אן איבערגעקעהרטען הארץ.

obduce' *v.* (אב-דיוס') איבערציהען, בעדעקען.

obduct' *v.* (אב-דאקט') ז. *obduce*

obduc'tion *n.* (אב-דאק'-שאן) דאס איבערציהען, דאס בעדעקען.

ob'duracy *n.* (אב'-דיו-רע-סי) הארטקייט, הארט=הערציגקייט, איינגעשפארטקייט, איינגע'עקשנ'טקייט.

ob'durate *a. and v.* (אב'-דיו-רייט) פערהארטעוועט, הארט, הארט=הערציג, איינגעשפארט, הארטנעקיג; פערהארטעווען.

He was very obdurate and could not be persuaded to take my advice.

ob'durately *adv.* (אב'-דיו-רייט-לי) אויף א פער'עקשנ'טען אופן; מיט איינגעשפארטקייט.

ob'durateness *n.* (אב'-דיו-רייט-נעס) עקשנות, איינגעשפארטקייט.

obdura'tion *n.* (אב-דיו-ריי'-שאן) ז. *obduracy*

o'beah *n.* (או'-בי-א) דאס אבי, א מין פעטיש אדער כשוף ביי די נעגער פון וועסט=אינדיען.

obe'dience *n.* (א-בי'-די-ענס) נעהארכזאמקייט; אונטערטהאניגקייט.

obe'dīent *a.* (א-בי'-די-ענט) געהארכזאם.

An obedient child is a mother's joy.

obedien'tial *a.* (א-בי-די-ענ'-שעל) נעהארכזאם; פאלגזאם.

obe'diently *adv.* (א-בי'-די-ענט-לי) אויף א נעהארכזאמען אופן; מיט פאלגזאמקייט.

obe'dient ser'vant (א-בי'-די-ענט סויר'-וועגט) געהארכזאמער דיענער [א פארם פון העפליכקייט ביים אונטערשרייבען א בריעף].

obei'sance *n.* (א-ביי'-סענס) א העפליכע פערבייגונג אדער פערנייגונג; רעספעקט, רעספעקטפולע בעציהונג.

ob'eliscal *a.* (אב'-ע-ליס-קעל) וואס האט די פארם פון אן אבעליסק. ז. *obelisk*

ob'eliscar *a.* (אב'-ע-ליס-קאר) ז. *obeliscal*

ob'elisk *n.* (אב'-ע-ליסק) אן אבעליסק [א הויכער פיערקאנטיגער זייל מיט א שפיץ]; אין דרוק=שריפט — א קרייץ [†] אלס אנמערקונגס=צייכען [אמאל פלעגט דיעזער צייכען בענוצט ווערען צו בעצייכענען א צווייפעלהאפטען אדער פערדעכטיגעןווארט אדער זאץ אין אן אלטער שריפט. איצט ווערט ער אין אלגעמיין בענוצט אלס צייכען פאר א ראנד=בעמערקונג אין ביכער, פאר פעראלטעטע ווערטער אין ווערטער=ביכער און פאר דעם דאטום ווען איינער איז געשטארבען].

Obelisk

ob'elize *v.* (אב'-ע-לאיז) בעצייכענען אלס פערדעכטיג אדער צווייפעלהאפט, שטעלען אן אבעליסק [†] אדער אן אבעלוס [÷ אדער —] אלס פערדעכטיגונגס=צייכען פאר ווערטער אדער זעצע אין אלטע ביכער אדער שריפטען.

ob'elus *n.* (אב'-ע-לאס) אן אבעלוס, א פערדעכטיגונגס=צייכען ביי זעצע אדער ווערטער אין אלטע שריפטען [÷ אדער —].

o'berhaus *n.* (או'-בער-האוס) דאס אויבערהויז [סענאט] אין די דייטשע פארלאמענטען.

obese' *a.* (א-ביס') דיק=לייביג, פעט, קארפולענט.

obese'ness *n.* (א-ביס'-נעס) ז. *obesity*

obes'ity *n.* (א-בעס'-אי-טי) דיק=לייבינקייט, פעטקייט.

Women fear obesity more than sickness.

o'bex *n.* (או'-בעקס) א באריער; א שטערונג.

obey' *v.* (א-ביי') נעהארכען, פאלגען; אונטערגעבען זיך.

obey'er *n.* (א-ביי'-ער) א געהארכזאמער, א פאלגזאמער.

obey'ingly *adv.* (א-ביי'-אינג-לי) אויף א געהארכזאמען אדער פאלגזאמען אופן.

obscu'rity *n.* (אב-סקיו'-רי-טי) טונקעלהייט, אונקלארקייט, אונדייטליכקייט; אונפערשטענדליכקייט; אונבעקאנטקייט, אונבעוואוסטקייט.

ob'secrate *v.* (אב'-סי-קרייט) בעטען, בעטען מיט תחנונים.

obsecra'tion *n.* (אב-סי-קריי'-שאן) דאס בעטען מיט תחנונים.

obse'quial *a.* (אב-סי'-קהווי-על) וואס איז שייך צו די צערעמאניעס פון א לויה אדער צו א בעערדינונגס-צערעמאניע.

obse'quience *n.* (אב-סי'-קהווי-ענס) ז. *obsequiousness*.

ob'sequies *n.* (אב'-סי-קהוויעז) בעערדיגונגס-צערעמאניעס; א לויה. ז. *obsequy*.

obse'quious *a.* (אב-סי'-קהווי-אס) נעהארכזאם, פאלגזאם; קנעכטיש פאלגזאם; דיענסט-פערטיג, קריכעריש, אונטערטהעניג.

obse'quiously *adv.* (אב-סי'-קהווי-אס-לי) מיט א קנעכטישער געהארכזאמקייט.

obse'quiousness *n.* (אב-סי'-קהווי-אס-נעס) געהארכזאמקייט, פאלגזאמקייט; קנעכטישע געהארכזאמקייט אדער דיענסטפערטיגקייט.

ob'sequy *n.* (אב'-סי-קהווי) א לויה-צערעמאניע.

obser'vable *a.* (אב-זויר'-וועבל) בעמערקבאר, מערקליך; בעמערקענסווערטה, מערקווירדיג.

obser'vableness *n.* (אב-זויר'-וועבל-נעס) בעמערקבארקייט; מערקווירדיגקייט.

obser'vably *adv.* (אב-זויר'-ווע-בלי) אויף א בעמערקענסווערטהען אדער מערקווירדיגען אופן; אויף א מערקבארען אופן.

obser'vance *n.* (אב-זויר'-וועגס) אויפמערקזאמקייט, בעאבאכטונג; די אבהיטונג פון א רעליגיעזען מנהג; א מנהג, א כלל אדער צערעמאניע וואס דארף אבגעהיט ווערען; אכטונג, רעספעקט.

observan'da *n.* (אב-זויר-וועג'-דא) זאכען וואס דארפען אבגעהיט ווערען.

observan'dum *n.* (אב-זויר-וועג'-דאם) א זאך וואס דארף אבגעהיט ווערען.

obser'vant *a.* and *n.* (אב-זויר'-וועגט) אויפמערקזאם; בעאבאכטענד; געהארכזאם; שטרענג אין אבהיטען א דין, א מנהג א. ד. ג.; איינער וואס היט שטרענג אב א דין, א געזעץ, א מנהג א. ד. ג.

Obser'vant *n.* (אב-זויר'-וועגט) א שטרענגער פראנציסקאנער [איינער פון די פראנציסקאנער מאנאכען, וועלכע האבען זיך אבגעטיילט אין 15טען יאהרהונדערט פון דעם פראנציסקאנער ארדען].

Obser'vantine *n.* (אב-זויר'-וועג-טין) ז. *Observant*.

Obser'vantist *n.* (אב-זויר'-וועג-טיסט) ז. *Observant*.

obser'vantly *adv.* (אב-זויר'-וועגט-לי) אויף א בעאבאכטענדען אופן; מיט אויפמערקזאמקייט.

observa'tion *n.* (אב-זויר-וויי'-שאן) א בעאבאכטונג; א בעמערקונג; א וויסענשאפטליכע בעאבאכטונג; די אבהיטונג [פון מנהגים, געזעצען, דינים א. ד. ג.].

observa'tional *a.* (אב-זויר-וויי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בעאבאכטונג; וואס ווערט בענוצט ביי א בעאבאכטונג; וואס איז בעגרינדעט אויף א בעאבאכטונג.

observa'tionally *adv.* (אב-זויר-וויי'-שאנ-על-אי) דורך בעאבאכטונג.

observa'tion-car *n.* (אב-זויר-וויי'-שאנ-קאר) אן אפענער באהן-וואגאן וואס גיט די מעגליכקייט די פאסאזשירען צו בעאבאכטען די געגענדען, דורך וועלכע זיי פאהרען.

ob'servator *n.* (אב'-זויר-וויי-טאר) א בעאבאכטער, א בעמערקער.

obser'vatory *n.* (אב-זויר'-ווע-טא-רי) אן אבסערוואטאריע [א פלאץ אדער געביידע אויסגעשטאטעט מיט די נויטיגע אינסטרומענטען פאר אסטראנאמישע און מעטעאראלאגישע בעאבאכטונגען]; א בעאבאכטונגס-פלאץ.

observe' *v.* (אב-זירוו') בעאבאכטען; בעמערקען; מאכען א בעמערקונג; זיין אויפמערקזאם; אבהיטען [א דין, א מצוה, א מנהג א. ד. ג.].

obser'ver *n.* (אב-זויר'-ווער) א בעאבאכטער; אן אבהיטער [פון א געזעץ, א מנהג, א דין א. ד. ג.].

obser'ving *a.* (אב-זויר'-ווינג) בעאבאכטענד; אויפמערקזאם; אבהיטענדיג [דינים, מנהגים א. ד. ג.].

obser'vingly *adv.* (אב-זויר'-ווינג-לי) בעאבאכטענדיג; מיט אויפמערקזאמקייט; אבהיטענדיג.

obsess' *v.* (אב-סעס') אנגרייפען, פלאגען [וועגען א דבוק אדער בייזען גייסט].

obses'sion *n.* (אב-סעש'-אן) דאס זיין בעהערשט אדער געפלאגט פון א דבוק אדער בייזען גייסט; א בעלאגערונג.

obsid'ian *n.* (אב-סיד'-אי-ען) אבזידיאן, וואולקאנישע פערגליווערטע לאווא וואס איז עהנליך צו גלאז.

obsid'ional *a.* (אב-סיד'-אי-א-נעל) בעלאגערענד, וואס איז שייך צו א בעלאגערונג [פון אן ארמעע].

obsid'ional coins (אב-סיד'-אי-א-נעל קאינז) בעלאגערונגס-מינצען [נויט-געלד וואס ווערט געפרעגט אין דער צייט פון א בעלאגערונג].

obsid'ional crown (אב-סיד'-אי-א-נעל קראון) א בעלאגערונגס-קרוין [א גראז-קרוין אלס אויסצייכנונג אין אלטען רוים פאר די גענעראלען, וועלכע האבען אויסגעהאלטען א בעלאגערונג].

obsid'ionary *a.* (אב-סיד'-אי-א-נע-רי) בעלאגערענד; געפרעגט [וועגען געלד] אין א בעלאגערטען ארט.

obsig'nate *v.* (אב-סיג'-נייט) בעזיגלען, בעשטעטיגען, בעקרעפטיגען.

obsigna'tion *n.* (אב-סיג-ניי'-שאן) די בעזיגלונג; די בעקרעפטיגונג, די בעשטעטיגונג.

obsig'natory *a.* (אב-סיג'-נע-טא-רי) בעשטעטיגענד, בעקרעפטיגענד, בעזיגלענד.

obsolesce' *v.* (אב-סא-לעס') ווערען פעראלטערט, ארויסגעהן פון געברויך.

obsoles'cence *n.* (אב-סא-לעס'-ענס) דאס ווערען פעראלטערט, דאס אלט ווערען, דאס ארויסגעהן פון געברויך.

obsoles'cent *a.* (אב-סא-לעס'-ענט) פעראלטעט; וואס געהט ארויס פון געברויך.

ob'solete *a.* (אב'-סא-ליט) פעראלטעט; ארויס פון געברויך; אין זאאלאגיע — אונדייטליך; ניט גענוג ענטוויקעלט.

ob'soleteness *n.* (אב'-סא-ליט-נעס) פעראלטונג, דאס זיין ארויס פון געברויך; אין זאאלאגיע — אונדייטליכקייט, דאס זיין אונענטוויקעלט.

ob'soletism *n.* (אב'-סא-ליט-איזם) א מנהג, א מאדע, א ווארט א. ד. ג. וואס איז פעראלטעט אדער ארויס פון געברויך.

ob'stacle *n.* (אב'-סטעקל) א הינדערניס, א שטרויכלונג, עפעס וואס שטעהט אין וועג.

ob'stacle-race *n.* (אב'-סטעקל-רייס) א וועט-לויף מיט שטערונגען [ווי פלויטען, גריבער א. ז. וו.].

obstet'ric *a.* (אב-סטעט'-ריק) ז. *obstetrical*.

obstet'rical *a.* (אב-סטעט'-רי-קעל) געבורטס-הילפליך; וואס איז שייך צו אקושערסטווע.

obstet'rical for'ceps (אב-סטעט'-רי-קעל פאהר'-סעפס) א געבורטס-צוואנג [אזא צוואנג וואס ווערט בענוצט ביי שווערע געבורטען אנצוגעהמען דאס קינד].

obstetrica'tion *n.* (אב-סטעט-רי-קיי'-שאן) געבורטס-הילף, אקושערסטווע.

obstetri'cian *n.* (אב-סטע-טריש'-ען) אן אקושער, א געבורטס-העלפער; א הייבאם.

obstetri'cious *a.* (אב-סטע-טריש'-אס) געבורטס-הילפליך.

obstet'rics *n.* (אב-סטעט'-ריקס) אקושערסטווע, אקושעריי, געבורטס-הילף קונסט.

obstet'rist *n.* (אב-סטעט'-ריסט) ז. *obstetrician*.

obstet'rix *n.* (אב-סטעט'-ריקס) אן אקושערקע, א הייבאם.

ob'stinacy *n.* (אב'-סטי-נע-סי) הארטנעקיגקייט, איינגעשפארטקייט, עקשנות; ווידערשפענסטיגקייט.

ob'stinate *a.* (אב'-סטי-נייט) הארטנעקיג, איינגעשפארט, איינגע'עקשנ'ט, ווידערשפענסטיג.

ob'stinately *adv.* (אב'-סטי-נייט-לי) מיט עקשנות, מיט איינגעשפארטקייט; ווידערשפענסטיג.

ob'stinateness *n.* (אב'-סטי-נייט-נעס) ז. *obstinacy*.

obstipa'tion *n.* (אב-סטי-פיי'-שאן) פערשטאפונג, עצירות.

obstrep'erate *v.* (אב-סטרעפ'-ע-רייט) מאכען א שטארקען גערויש.

obstrep'erous *a.* (אב-סטרעפ'-ע-ראס) שטארק ליארמדיג, גערוישפול.

obstrep'erously *adv.* (אב-סטרעפ'-ע-ראס-לי) אויף א שטארק-ליארמדיגען אופן; מיט א שטארקען ליארם אדער גערויש.

obstrep'erousness *n.* (אב-סטרעפ'-ע-ראס-נעס) א שטארקער ליארם אדער גערויש; א געפילדער.

obstric'tion *n.* (אב-סטריק'-שאן) א צווינגענדע פערפליכטונג; געבונדענקייט.

obstrop'ulous *a.* (אב-סטראפ'-יו-לאס) ז. *obstreperous*.

obstruct' *v.* (אב-סטראקט') פערשטאפען, פערשפארען; פערשטעלען; הינדערען, שטערען, שטרויכלען.

obstruc'ter *n.* (אב-סטראק'-טער) א שטערער, א הינדערער.

obstruc'tion *n.* (אב-סטראק'-שאן) א פערשפארונג; א הינדערניס, א שטערונג; אן אבסטרוקציאן, א סיסטעמאטישע שטערונג אדער הינדערניס אין א פארלאמענט [ווי דורך האלטען לאנגע רעדען, מאכען פארשלעגע א. ד. ג.] וואס א מינאריטעטס-פארטיי נעהמט אונטער כדי ניט צו דערלאזען דורכפיהרען וועלכען עס איז געזעץ.

obstruc'tionism *n.* (אב-סטראק'-שאנ-איזם) אבסטרוקציאניזם, דאס מאכען אן אבסטרוקציאן. ז. *obstruction*.

obstruc'tionist *n.* (אב-סטראק'-שאנ-איסט) א שטערער, א הינדערער; אן אבסטרוקציאניסט [אין א פארלאמענט]. ז. *obstruction*.

obstruc'tive *a.* and *n.* (אב-סטראק'-טיוו) הינדערענד, שטערענד; וואס פעראורזאכט אן אבסטרוקציאן; איינער אדער עטוואס וואס שטערט אדער הינ-

דערט; איינער וואס מאכט אן אבסטרוקציאן.

obstruc'tively *adv.* (אב-סטראק'-טיוו-לי) אויף א שטערענדען אדער הינדערענדען אופן; דורך אן אבסטרוקציאן.

obstruc'tiveness *n.* (אב-סטראק'-טיוו-נעס) שטערעניש, הינדערנים.

obstruc'tor *n.* (אב-סטראק'-טאר) ז. *obstructer*

ob'struent *a. and n.* (אב'-סטרו-ענט) שטערענד, הינדערנד; פערשטאפּענד; עטוואס וואס שטערט אדער הינדערט; עטוואס וואס פעראורזאכט פערשטאפּונג [עצירות].

obstupefa'cient *a.* (אב-סטיו-פי-פיי'-שיענט) בעטויבענד, וואס בעטויבט די חושים.

obstu'pefy *v.* (אב-סטיו'-פי-פאי) בעטויבען די חושים.

obtain' *v.* (אב-טיין') 1. עררייכען, בעקומען; 2. בעשטעהן, האבען אן עקזיסטענץ.

1. Cigars may be obtained in this drug store. 2. Freedom obtains in this land.

obtai'nable *a.* (אב-טיי'-נעבל) וואס קען עררייכט ווערען, וואס מען קען בעקומען.

obtai'ner *n.* (אב-טיי'-נער) איינער וואס בעקומט עפּעס; אן עררייכער.

obtain'ment *n.* (אב-טיינ'-מענט) דאס עררייכען; דאס ערהאלטען, דאס בעקומען.

obtect' *a.* (אב-טעקט') ז. *obtected*

obtec'ted *a.* (אב-טעק'-טעד) בעדעקט, געשיצט [בעזונדערס וועגען טהיערע וועלכע זיינען בעדעקט מיט א שאלעכץ אדער מושעל].

obtem'per *v.* (אב-טעמ'-פּער) געהארכען; פאלגען.

obtest' *v.* (אב-טעסט') שטארק בעטען; בעטען מיט תחנונים.

obtesta'tion *n.* (אב-טעס-טיי'-שאן) א שטארקעס געבעט, א דרינגענדע ביטע.

obtri'tion *n.* (אב-טריש'-אן) דאס אב= שייערען; דאס אבּרייבען; דאס אויסרייבען.

obtrude' *v.* (אב-טרוהד') ארויפדרינגען, ארויפצווינגען, ארויפלעגען מיט געוואלד; זיך ארויפדרינגען אויף אימעצען, זיך אנטשעפּען.

obtru'der *n.* (אב-טרוה'-דער) אן ארויפצווינגער, א צודרינגליכער מענש, איינער וואס טשעפּעט זיך אן.

obtrun'cate *v. and a.* (אב-טראנ'-קייט) אויסשניידען; פערקריפּלען, קאליעטשען; אויסגעשניטען, ארומגעשניטען; צוקאליעטשעט.

obtrunca'tion *n.* (אב-טראנ-קיי'-שאן) דאס צוקאליעטשען; פערקריפּלונג.

obtru'sion *n.* (אב-טרוה'-זשאן) די ארויפצווינגונג, די ארויפדרינגונג, די ארויפלעגונג מיט געוואלד; דאס אנטשעפּען.

obtru'sionist *n.* (אב-טרוה'-זשאנ-איסט) אן ארויפדרינגער, אן ארויפצווינגער.

obtru'sive *a.* (אב-טרוה'-סיוו) ארויפצווינגליך; ארויפדרינגליך; וואס טשעפּעט זיך אן.

obtru'sively *adv.* (אב-טרוה'-סיוו-לי) אויף אן ארויפצווינגענדען אדער צודרינגליכען אופן.

obtru'siveness *n.* (אב-טרוה'-סיוו-נעס) ארויפדרינגליכקייט; צודרינגליכקייט.

obtund' *v.* (אב-טאנד') טעמפּ מאכען; אבשוואכען די שארפקייט אדער קראפט פון עפּעס [ווי פון ווהעטאג א. ד. ג.].

obtun'dent *a. and n.* (אב-טאנ'-דענט) פערטעמפּענד; טעמפּ מאכענד; אבשוואכענד; א מין זאלב וואס ווערט בענוצט צו בעשיצען א געוויסען טייל פון קערפּער פון רייבונג; א מיטעל צו טויטען דעם נערוו פון א צאהן ביי א צאהן-ווהעטאג.

obtun'dity *n.* (אב-טאנ'-די-טי) דאס זיין פערטעמפּט, בעטויבט [ווי א נערוו אין א צאהן ווען מען טויט איהם].

ob'turate *v.* (אב'-טיו-רייט) צומאכען, פערשטאפּען אדער פערשליסען אן עפענונג אדער לאך.

ob'turating *a.* (אב'-טיו-ריי-טינג) וואס פערשטאפּט, וואס פערמאכט, וואס פערשליסט [אן עפענונג אדער לאך].

obtura'tion *n.* (אב-טיו-ריי'-שאן) די פערשטאפּונג, די פערשליסונג.

ob'turator *n.* (אב'-טיו-ריי-טאר) דאס וואס פערשטאפּט אדער פערמאכט אן עפענונג אדער לאך.

obtus'angular *a.* (אב-טיוס'-ענ-גיו-לאר) טעמפּ-ווינקעלדיג, מיט ניט-שפּיציגע קאנטען.

obtuse' *a.* (אב-טיוס') טעמפּ; ניט שפּיציג [וועגען א ווינקעל וואס איז גרעסער פון 90 גראד].

obtuse'-an'gled *a.* (אב-טיוס'-ענ'-גלד) מיט טעמפּע ווינקלען.

obtuse'-an'gular *a.* (אב-טיוס'-ענ'-גיו-לאר) ז. *obtusangular*

obtuse'ly *adv.* (אב-טיוס'-לי) אויף א טעמפּען שטייגער; טעמפּיג, ניט שארף; מיט א טעמפּען קאפּ, נאריש.

obtuse'ness *n.* (אב-טיוס'-נעס) טעמפּקייט, דומהייט; טעמפּקייט, ניט-שפּיציגקייט.

obum'brate *v.* (אב-אמ'-ברייט) בעדעקען מיט א שאטען; איבערציהען ווי מיט א וואלקען; מאכען טונקעל.

obumbra'tion *n.* (אב-אמ-בריי'-שאן) די איבערשאטונג, די פערטונקעלונג.

obval'late *a.* (אב-וועל'-אייט) אין באטאניק — ארומגערינגעלט פון אלע זייטען ווי מיט ווענטלעך.

obverse' *a.* (אב-וואירס') אומגעקעהרט מיט'ן פּנים אדער מיט דער רעכטער זייט צו [ווי די רעכטע זייט פון א מטבע אדער מעדאל]; אין באטאניק — ביי וועלכען דער אונטען איז שמעלער איידער דער אויבען [ווי געוויסע בלעטער].

ob'verse *n.* (אב'-וואירס) דאס פּנים אדער די רעכטע זייט פון א מטבע אדער מעדאל; דאס צווייטע אויסזעהן פון א געוויסען פאקט, ווען מען בעטראכט איהם פון אן אנדער שטאנדפּונקט.

obverse'ly *adv.* (אב-וואירס'-לי) אזוי, דאס עס זאל אויסקומען מיט'ן פּנים ארויף.

obver'sion *n.* (אב-וואיר'-שאן) דאס אויסדרעהען זיך מיט'ן פּנים צו עפּעס; אין לאגיק — די אומוואנדלונג פון א זאץ. ז. *conversion*

obvert' *v.* (אב-וואירט') צוקעהרען, צו-ווענדען [מיט'ן געזיכט אדער מיט דער רעכטער זייט פון עפּעס].

ob'viate *v.* (אב'-ווי-אייט) בעזייטיגען, ניט דערלאזען, פערהינדערען.

With good judgment all the possible difficulties in our way can be obviated.

ob'vious *a.* (אב'-ווי-אס) אויגענשיינליך, דייטליך, בעשיינפּערליך; זיכער; קלאר.

It is obvious that we shall miss the train

ob'viously *adv.* (אב'-ווי-אס-לי) ז. *obvious*

ob'viousness *n.* (אב'-ווי-אס-נעס) אויגענשיינליכקייט, דייטליכקייט, בעשיינפּערליכקייט; זיכערהייט; אונבעשטרייטבארקייט.

ob'volute *a.* (אב'-וואָ-ליוט) צוזאמענגעוויקעלט, איינגערעלט.

ob'voluted *a.* (אב'-וואָ-ליו-טעד) אין באטאניק — וואס האט איינגעוויקעלטע אדער איינגערעלטע טיילען [ווי די בלעטער פון געוויסע פלאנצען].

o'by *n.* (אָ'-בי) ז. *obi*

ocari'na *n.* (אק-ע-רי'-נא) א מין ליימען פייפעל.

Ocarina

occa'sion *n. and v.* (א-קיי'-זשאן) 1. א געלעגענהייט; א צופאל, אן אקאזיע; צופעליגע אומשטענדען; 2. אן אורזאך; א נויטווענדיגקייט, א בעדערפניש; 3. פעראורזאכען אדער ווירקען צופעליג.

1. We met on a particular occasion. 2. There is no occasion for worry about the matter.

occa'sional *a.* (א-קיי'-זשאנ-על) געלעגענטליך, צופעליג.

She is an occasional visitor of the theatre.

occa'sional chair (א-קיי'-זשאנ-על טשעהר) א שטוהל, וואס בעלאנגט ניט צו דעם גאנג שטוהלען אין צימער; א צוגעגעבענער שטוהל, וואס דינט אפּט אלס א ציערונג פון שטוב.

occa'sionalism *n.* (א-קיי'-זשאנ-על-איזם) אין פילאזאפיע — דער אקאזיאנאליזם, די לעהרע, אז גייסט און מאטעריע קענען ווירקען איינע אויף די אנדערע נור דורך דער אריינמישונג פון א גייסטליכער קראפט.

occa'sionalist *n.* (א-קיי'-זשאנ-על-איסט) אן אנהענגער פון אקאזיאנאליזם. ז. *occasionalism*

occa'sionally *adv.* (א-קיי'-זשאנ-על-אי) אויף א געלעגענטליכען אדער צופעליגען אופן.

occa'sional ta'ble (א-קיי'-זשאנ-על טייבל) א קליין פערציערט טישעל אין א זאאל, בודואר א. ד. ג.

occa'sioner *n.* (א-קיי'-זשאנ-ער) א פעראורזאכער, איינער וואס פעראורזאכט א געלעגענהייט צו עפּעס.

oc'cident *n.* (אק'-סי-דענט) וועסט-זייט, מערב-זייט.

Oc'cident *n.* (אק'-סי-דענט) דער אק-סידענט, די לענדער וואס ליגען צו מערב-זייט פון אזיען און פון דער טערקישער מלוכה [אין געגענזאץ צו דעם אריענט]; די מערב-אייראפּעאישע לענדער.

occiden'tal *a.* (אק-סי-דענ'-טעל) וועסטליך, פון מערב-זייט.

Occiden'tal *a. and n.* (אק-סי-דענ'-טעל) וואס איז שייך צו אקסידענט אדער צו די לענדער וואס ליגען אין מערב-זייט פון אזיען און פון דער טערקישער מלוכה; א געבארענער אדער אן איינוואוינער פון א מערב-אייראפּעאישען לאנד.

occiden'talism *n.* (אק-סי-דענ'-טעל-איזם) די מנהגים, זיטען א. ד. ג. פון אק-סידענט אדער פון די מערב-אייראפּעאישע לענדער.

occiden'talist *n.* (אק-סי-דענ'-טעל-איסט) אן אקסידענטאליסט, אן אנהענגער פון דער קולטור פון די מערב-אייראפּעאישע לענדער.

Occiden'talist *n.* (אק-סי-דענ'-טעל-איסט) איינער וואס שטודירט די שפּרא=

obscu′rity *n.* (אב-סקיו′-רי-טי) טונקעלהייט, אונקלארקייט, אונדייטליכקייט; אונפערשטענדליכקייט; אונבעקאנטקייט, אונבעוואוסטקייט.

ob′secrate *v.* (אב′-סי-קרייט) בעטען, בעטען מיט תחנונים.

obsecra′tion *n.* (אב-סי-קריי′-שאן) דאס בעטען מיט תחנונים.

obse′quial *a.* (אב-סי′-קהווי-על) וואס איז שייך צו די צערעמאניעס פון א לויה אדער צו א בעערדיגונגס=צערעמאניע.

obse′quience *n.* (אב-סי′-קהווי-ענס) ז. *obsequiousness*

ob′sequies *n.* (אב′-סי-קהוויעז) בעערדיגונגס=צערעמאניעס; א לויה. ז. *obsequy*

obse′quious *a.* (אב-סי′-קהווי-אס) נעהארכזאם, פאלגזאם; קנעכטיש פאלגזאם; דיענסט=פערטיג, קריכעריש, אונטערטהעניג.

obse′quiously *adv.* (אב-סי′-קהווי-אס-לי) מיט א קנעכטישער נעהארכזאמקייט.

obse′quiousness *n.* (אב-סי′-קהווי-אס-נעס) געהארכזאמקייט, פאלגזאמקייט; קנעכטישע געהארכזאמקייט אדער דיענסטפערטינקייט.

ob′sequy *n.* (אב′-סי-קהווי) א לויה=צערעמאניע.

obser′vable *a.* (אב-זויר′-וועבל) בעמערקבאר, מערקליך; בעמערקענסווערטה, מערקווירדיג.

obser′vableness *n.* (אב-זויר′-וועבל-נעס) בעמערקבארקייט; מערקווירדיגקייט.

obser′vably *adv.* (אב-זויר′-ווע-בלי) אויף א בעמערקענסווערטהען אדער מערקווירדיגען אופן; אויף א מערקבארען אופן.

obser′vance *n.* (אב-זויר′-וועגס) אויפמערקזאמקייט, בעאבאכטונג; די אבהיטונג פון א רעליגיעזען מנהג; א מנהג, א כלל אדער צערעמאניע וואס דארף אבגעהיט ווערען; אכטונג, רעספעקט.

observan′da *n.* (אב-זויר-וועג′-דא) זאכען וואס דארפען אבגעהיט ווערען.

observan′dum *n.* (אב-זויר-וועג′-דאם) א זאך וואס דארף אבגעהיט ווערען.

obser′vant *a. and n.* (אב-זויר′-וועגט) אויפמערקזאם; בעאבאכטענד; געהארכזאם; שטרענג אין אבהיטען א דין, א מנהג א. ד. ג.; איינער וואס היט שטרענג אב א דין, א געזעץ, א מנהג א. ד. ג.

Obser′vant *n.* (אב-זויר′-וועגט) א שטרענגער פראנציסקאנער [איינער פון די פראנציסקאנער מאנאכען, וועלכע האבען זיך אבגעטיילט אין 15טען יאהרהונדערט פון דעם פראנציסקאנער ארדען].

Obser′vantine *n.* (אב-זויר′-וועג-טין) ז. *Observant*

Obser′vantist *n.* (אב-זויר′-וועג-טיסט) ז. *Observant*

obser′vantly *adv.* (אב-זויר′-וועגט-לי) אויף א בעאבאכטענדען אופן; מיט אויפמערקזאמקייט.

observa′tion *n.* (אב-זויר-וויי′-שאן) א בעאבאכטונג; א בעמערקונג; א וויסענשאפטליכע בעאבאכטונג; די אבהיטונג [פון מנהגים, געזעצען, דינים א. ד. ג.].

observa′tional *a.* (אב-זויר-וויי′-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בעאבאכטונג; וואס ווערט בענוצט ביי א בעאבאכטונג; וואס איז בעגרינדעט אויף א בעאבאכטונג.

observa′tionally *adv.* (אב-זויר-וויי′-שאנ-על-אי) דורך בעאבאכטונג.

observa′tion-car *n.* (אב-זויר-וויי′-שאנ-קאר) אן אפענער באהן=וואגאן וואס גיט די מעגליכקייט די פאסאזשירען צו בעאבאכטען די געגענדען, דורך וועלכע זיי פאהרען.

ob′servator *n.* (אב′-זויר-וויי-טאר) א בעאבאכטער, א בעמערקער.

obser′vatory *n.* (אב-זויר′-ווע-טא-רי) אן אבסערוואטאריע [א פלאץ אדער געביידע אויסגעשטאטעט מיט די נויטיגע אינסטרומענטען פאר אסטראנאמישע און מעטעאראלאגישע בעאבאכטונגען]; א בעאבאכטונגס=פלאץ.

observe′ *v.* (אב-זירוו′) בעאבאכטען; בעמערקען; מאכען א בעמערקונג; זיין אויפמערקזאם; אבהיטען [א דין, א מצוה, א מנהג א. ד. ג.].

obser′ver *n.* (אב-זויר′-ווער) א בעאבאכטער; אן אבהיטער [פון א געזעץ, א מנהג, א דין א. ד. ג.].

obser′ving *a.* (אב-זויר′-ווינג) בעאבאכטענד; אויפמערקזאם; אבהיטענדיג [דינים, מנהגים א. ד. ג.].

obser′vingly *adv.* (אב-זויר′-ווינג-לי) בעאבאכטענדיג; מיט אויפמערקזאמקייט; אבהיטענדיג.

obsess′ *v.* (אב-סעס′) אנגרייפען, פלאגען [וועגען א דבוק אדער בייזען גייסט].

obses′sion *n.* (אב-סעש′-אן) דאס זיין בעהערשט אדער געפלאגט פון א דבוק אדער בייזען גייסט; א בעלאגערונג.

obsid′ian *n.* (אב-סיד′-אי-ען) אבזידיאן, וואולקאנישע פערגליווערטע לאווא וואס איז עהנליך צו גלאז.

obsid′ional *a.* (אב-סיד′-אי-א-נעל) בעלאגערענד, וואס איז שייך צו א בעלאגערונג [פון אן ארמעע].

obsid′ional coins (אב-סיד′-אי-א-נעל קאינז) בעלאגערונגס=מינצען [נויט=געלד וואס ווערט געפרעגט אין דער צייט פון א בעלאגערונג].

obsid′ional crown (אב-סיד′-אי-א-נעל קראון) א בעלאגערונגס=קרוין [א גראז=קרוין אלס אויסצייכנונג אין אלטען רוים פאר די גענעראלען, וועלכע האבען אויסגעהאלטען א בעלאגערונג].

obsid′ionary *a.* (אב-סיד′-אי-א-נע-רי) בעלאגערענד; געפרעגט [וועגען געלד] אין א בעלאגערטען ארט.

obsig′nate *v.* (אב-סיג′-נייט) בעזיגלען, בעשטעטיגען, בעקרעפטיגען.

obsigna′tion *n.* (אב-סיג-ניי′-שאן) די בעזיגלונג; די בעקרעפטיגונג, די בעשטעטיגונג.

obsig′natory *a.* (אב-סיג′-נע-טא-רי) בעשטעטיגענד, בעקרעפטיגענד, בעזיגלענד.

obsolesce′ *v.* (אב-סא-לעס′) ווערען פעראלטערט, ארויסגעהן פון געברויך.

obsoles′cence *n.* (אב-סא-לעס′-ענס) דאס ווערען פעראלטערט, דאס אלט ווערען, דאס ארויסגעהן פון געברויך.

obsoles′cent *a.* (אב-סא-לעס′-ענט) פעראלטעט; וואס געהט ארויס פון נעברויך.

ob′solete *a.* (אב′-סא-ליט) פעראלטעט; ארויס פון געברויך; אין זאאלאגיע — אונדייטליך; ניט גענוג ענטוויקעלט.

ob′soleteness *n.* (אב′-סא-ליט-נעס) פעראלטונג, דאס זיין ארויס פון געברויך; אין זאאלאגיע — אונדייטליכקייט, דאס זיין אונענטוויקעלט.

ob′soletism *n.* (אב′-סא-ליט-איזם) א מנהג, א מאדע, אווארט א. ד. ג. וואס איז פעראלטעט אדער ארויס פון געברויך.

ob′stacle *n.* (אב′-סטעקל) א הינדערניס, א שטרויכלונג, עפעס וואס שטעהט אין וועג.

ob′stacle-race *n.* (אב′-סטעקל-רייס) א וועט=לויף מיט שטערונגען [ווי פלויטען, גריבער א. ז. וו.].

obstet′ric *a.* (אב-סטעט′-ריק) ז. *obstetrical*

obstet′rical *a.* (אב-סטעט′-רי-קעל) געבורטס=הילפליך; וואס איז שייך צו אקושערסטווע.

obstet′rical for′ceps (אב-סטעט′-רי-קעל פאהר′-סעפס) א געבורטס=צוואנג [אזא צוואנג וואס ווערט בענוצט ביי שווערע געבורטען ארויסצונעהמען דאס קינד].

obstetrica′tion *n.* (אב-סטעט-רי-קיי′-שאן) געבורטס=הילף, אקושערסטווע.

obstetri′cian *n.* (אב-סטע-טריש′-ען) אן אקושער, א געבורטס=העלפער; א הייבאם.

obstetri′cious *a.* (אב-סטע-טריש′-אס) געבורטס=הילפליך.

obstet′rics *n.* (אב-סטעט′-ריקס) אקושערסטווע, אקושעריי, געבורטס=הילף קונסט.

obstet′rist *n.* (אב-סטעט′-ריסט) ז. *obstetrician*

obstet′rix *n.* (אב-סטעט′-ריקס) אן אקושערקע, א הייבאם.

ob′stinacy *n.* (אב′-סטי-נע-סי) הארטנעקיגקייט, איינגעשפארטקייט, עקשנות; ווידערשפעגסטינקייט.

ob′stinate *a.* (אב′-סטי-נייט) הארטנעקיג, איינגעשפארט, איינגע′עקשנ′ט, ווידערשפענסטיג.

ob′stinately *adv.* (אב′-סטי-נייט-לי) מיט עקשנות, מיט איינגעשפארטקייט; ווידערשפענסטיג.

ob′stinateness *n.* (אב′-סטי-נייט-נעס) ז. *obstinacy*

obstipa′tion *n.* (אב-סטי-פיי′-שאן) פערשטאפונג, עצירות.

obstrep′erate *v.* (אב-סטרעפ′-ע-רייט) מאכען א שטארקען גערויש.

obstrep′erous *a.* (אב-סטרעפ′-ע-ראס) שטארק ליארמדיג, גערוישפול.

obstrep′erously *adv.* (אב-סטרעפ′-ע-ראס-לי) אויף א שטארק=ליארמדיגען אופן; מיט א שטארקען ליארם אדער גערויש.

obstrep′erousness *n.* (אב-סטרעפ′-ע-ראס-נעס) א שטארקער ליארם אדער גערויש; א נעפילדער.

obstric′tion *n.* (אב-סטריק′-שאן) א צווינגענדע פערפליכטונג; געבונדענקייט.

obstrop′ulous *a.* (אב-סטראפ′-יו-לאס) ז. *obstreperous*

obstruct′ *v.* (אב-סטראקט′) פערשטאפען, פערשפארען; פערשטעלען; הינדערען, שטערען, שטרויכלען.

obstruc′ter *n.* (אב-סטראק′-טער) א שטערער, א הינדערער.

obstruc′tion *n.* (אב-סטראק′-שאן) א פערשפארונג; א הינדערניס, א שטערונג; אן אבסטרוקציאן, א סיסטעמאטישע שטערונג אדער הינדערניס אין א פארלאמענט [ווי דורך האלטען לאנגע רעדען, מאכען פארשלעגע א. ד. ג.] וואס א מינאריטעטס=פארטיי נעהמט אונטער כדי ניט צו דערלאזען דורכפיהרען וועלכען עס איז געזעץ.

obstruc′tionism *n.* (אב-סטראק′-שאנ-איזם) אבסטרוקציאניזם, דאס מאכען אן אבסטרוקציאן. ז. *obstruction*

obstruc′tionist *n.* (אב-סטראק′-שאנ-איסט) א שטערער, א הינדערער; אן אבסטרוקציאניסט [אין א פארלאמענט]. ז. *obstruction*

obstruc′tive *a. and n.* (אב-סטראק′-טיוו) הינדערענד, שטערענד; וואס פעראורזאכט אן אבסטרוקציאן; איינער אדער עטוואס וואס שטערט אדער הינ=

דערט; איינער וואס מאכט אן אבסטרוקציאַן.

obstruc'tively *adv.* (אַב-סטראַק׳-טיוו-לי) אויף אַ שטערענדען אָדער הינדערענדען אופן; דורך אַן אבסטרוקציאַן.

obstruc'tiveness *n.* (אַב-סטראַק׳-טיוו-נעס) שטערעניש, הינדערנים.

obstruc'tor *n.* (אַב-סטראַק׳-טאָר) ז. *obstructer*

ob'struent *a. and n.* (אַב׳-סטרו-ענט) שטערענד, הינדערענד; פערשטאָפּענד; עטוואס וואס שטערט אָדער הינדערט; עטוואס וואס פעראורזאַכט פערשטאָפּונג [עצירות].

obstupefa'cient *a.* (אַב-סטיו-פּי-פּיי׳-שיענט) בעטויבענד, וואס בעטויבט די חושים.

obstu'pefy *v.* (אַב-סטיו׳-פּי-פאַי) בעטויבען די חושים.

obtain' *v.* (אַב-טיין׳) 1. ערווייבען, בעקומען; 2. בעשטעהן, האבען אַן עקזיסטענץ.

1. Cigars may be obtained in this drug store. 2. Freedom obtains in this land.

obtai'nable *a.* (אַב-טיי׳-נעבל) וואס קען ערווייבט ווערען, וואס מען קען בעקומען.

obtai'ner *n.* (אַב-טיי׳-נער) איינער וואס בעקומט עפּעס; אַן ערווייבער.

obtain'ment *n.* (אַב-טיינ׳-מענט) דאס ערווייבען; דאס ערהאַלטען, דאס בעקומען.

obtect' *a.* (אַב-טעקט׳) ז. *obtected*

obtec'ted *a.* (אַב-טעק׳-טעד) בעדעקט, געשיצט [בעזונדערס ווענען טהיערע וועלכע זיינען בעדעקט מיט אַ שאַלעכץ אָדער מושעל].

obtem'per *v.* (אַב-טעמ׳-פּער) געהאָרכען; פאָלגען.

obtest' *v.* (אַב-טעסט׳) שטאַרק בעטען; בעטען מיט תחנונים.

obtesta'tion *n.* (אַב-טעס-טיי׳-שאַן) אַ שטאַרקעס געבעט, אַ דרינגענדע ביטע.

obtri'tion *n.* (אַב-טריש׳-אַן) דאס אַבשייערען; דאס אַבריבען; דאס אויסרייבען.

obtrude' *v.* (אַב-טרוהד׳) אַרויפדרינגען, אַרויפצווינגען, אַרויפלעגען מיט גוואַלד; זיך אַרויפדרינגען אויף אימעצען, זיך אַנטשעפּען.

obtru'der *n.* (אַב-טרוה׳-דער) אַן אַרויפצווינגער, אַ צודרינגליכער מענש, איינער וואס טשעפּעט זיך אַן.

obtrun'cate *v. and a.* (אַב-טראַנ׳-קייט) אויסשניידען; פערקריפּלען, קאַליעטשען; אויסגעשניטען, אַרומגעשניטען; צוקאַליעטשעט.

obtrunca'tion *n.* (אַב-טראַנ-קיי׳-שאַן) דאס צוקאַליעטשען; פערקריפּלונג.

obtru'sion *n.* (אַב-טרוה׳-זשאַן) די אַרויפצווינגונג, די אַרויפדרינגונג, די אַרויפלעגונג מיט גוואַלד; דאס אַנטשעפּען.

obtru'sionist *n.* (אַב-טרוה׳-זשאַ-ניסט) אַן אַרויפדרינגער, אַן אַרויפצווינגער.

obtru'sive *a.* (אַב-טרוה׳-סיוו) אַרויפצווינגליך; אַרויפדרינגליך; וואס טשעפּעט זיך אַן.

obtru'sively *adv.* (אַב-טרוה׳-סיוו-לי) אויף אַן אַרויפצווינגענדען אָדער צודרינגליכען אופן.

obtru'siveness *n.* (אַב-טרוה׳-סיוו-נעס) אַרויפדרינגליכקייט; צודרינגליכקייט.

obtund' *v.* (אַב-טאַנד׳) טעמפּ מאַכען; אַבשוואַכען די שאַרפקייט אָדער קראַפט פון עפּעס [ווי פון וועהטאָג א. ד. ג.].

obtun'dent *a. and n.* (אַב-טאַנ׳-דענט) פערטעמפּענד; טעמפּ מאַכענד; אַבשוואַכענד; אַ מין זאַלב וואס ווערט בענוצט צו בעשיצען אַ געוויסען טייל פון קערפּער פון רייבונג; אַ מיטעל צו טויטען דעם נערוו פון אַ צאָהן ביי אַ צאָהן-וועהטאָג.

obtun'dity *n.* (אַב-טאַנ׳-די-טי) זיין פערטעמפּט, בעטויבט [ווי אַ נערוו אין אַ צאָהן ווען מען טויט איהם].

ob'turate *v.* (אַב׳-טיו-רייט) צומאַכען, פערשטאָפּען אָדער פערשליסען אַן עפענונג אָדער לאָך.

ob'turating *a.* (אַב׳-טיו-ריי-טינג) וואס פערשטאָפּט, וואס פערמאַכט, וואס פערשליסט [אַן עפענונג אָדער לאָך].

obtura'tion *n.* (אַב-טיו-ריי׳-שאַן) די פערשטאָפּונג, די פערשליסונג.

ob'turator *n.* (אַב׳-טיו-ריי-טאָר) דאס וואס פערשטאָפּט אָדער פערמאַכט אַן עפענונג אָדער לאָך.

obtus'angular *a.* (אַב-טיוס׳-ען-גיו-לאַר) טעמפּ-ווינקעלדיג, מיט ניט-שפּיציגע קאַנטען.

obtuse' *a.* (אַב-טיוס׳) טעמפּ; ניט שפּיציג [ווענען אַ ווינקעל וואס איז גרעסער פון 90 גראַד].

obtuse'-an'gled *a.* (אַב-טיוס׳-ענ׳גלד) מיט טעמפּע ווינקלען.

obtuse'-an'gular *a.* (אַב-טיוס׳-ענ׳-גיו-לאַר) ז. *obtusangular*

obtuse'ly *adv.* (אַב-טיוס׳-לי) אויף אַ טעמפּען שטייגער; טעמפּיג, ניט שאַרף; מיט אַ טעמפּען קאָפּ, נאַריש.

obtuse'ness *n.* (אַב-טיוס׳-נעס) טעמפּקייט, דומהייט; טעמפּקייט, ניט-שפּיציגקייט.

obum'brate *v.* (אַב-אַמ׳-בריט) בעדעקען מיט אַ שאָטען; איבערציהען ווי מיט אַ וואָלקען; מאַכען טונקעל.

obumbra'tion *n.* (אַב-אַמ-בריי׳-שאַן) די איבערשאָטונג, די פערטונקעלונג.

op'eroseness *n.* (אָפּ'-ע-ראָוס-נעס) מיהזאַמקייט, שווערקייט.

oph'icleide *n.* (אָפּ'-אי-קלאַיד) דער אָפיקליד, א מין מוזיקאַלישער בלאַז-אינסטרומענט.

Ophid'ia *n.* (א-פיד'-אי-א) די אָפידען, דער מין קריכענדיגע טהיערע [ווי שלאַנגען].

ophid'ian *a. and n.* (א-פיד'-אי-ען) וואָס געהערט צו דעם שלאַנגען-מין; א קריכענדיגע חיה, א שלאַנג.

ophid'ious *a.* (א-פיד'-אי-אָס) ז. ***ophidian***



Ophicleide

ophidol'ogy *n.* (אָפּ-אי-דאָל'-א-דזשי) ז. ***ophiology***

ophiog'raphy *n.* (אָפּ-אי-אָג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון שלאַנגען.

ophiol'atry *n.* (אָפּ-אי-אָל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון שלאַנגען.

ophiolog'ic *a.* (אָפּ-אי-א-לאָדזש'-איק) וואָס איז שייך צו אָפיאָלאָגיע [די לעהרע וועגען שלאַנגען].

ophiolog'ical *a.* (אָפּ-אי-א-לאָדזש'-אי-קעל) ז. ***ophiologic***

ophiol'ogy *n.* (אָפּ-אי-אָל'-א-דזשי) אָפיאָלאָגיע, די לעהרע וועגען שלאַנגען.

oph'iomancy *n.* (אָפּ'-אי-א-מענ-סי) דאָס טרעפען, כשוף-מאַכען אָדער נביאות-זאָגען דורך שלאַנגען [לויט זייער צוזאַמענדרעהען זיך אָדער לויט אַנדערע סמנים].

ophiomor'phous *a.* (אָפּ-אי-א-מאָהר'-פאָס) שלאַנגען-פערמיג, ווי א שלאַנג.

ophioph'agous *a.* (אָפּ-אי-אָפ'-ע-גאָס) וואָס עסט שלאַנגען; וואָס ערנעהרט זיך מיט רעפּטילען אָדער קריכענדע טהיערע.

oph'ite *a. and n.* (אָפּ'-איט) וואָס איז שייך צו א שלאַנג; דער שלאַנגען-שטיין [א מין שטיין וואָס געפינט זיך אין דרום-אייראָפּאַ און אין צפון-אַפריקאַ].

Oph'ite *n.* (אָפּ'-איט) איינער פון די אָפיטען [א גנאָסטישע סעקטע פון די ערשטע יאָהרהונדערטען נאָך קריסטוס'עס געבורט, וועלכע האָט געהאַלטען, אז די שלאַנג וואָס האָט איינגערעדט חוה'ן צו עסען פון דעם עץ-הדעת איז געווען די פערקערפּערונג פון געטליכען שכל און פערשטאַנד, און דעריבער האָבען די אָפיטען פערעהרט שלאַנגען אַלס דעם סימבאָל פון חכמה].

ophthalmal'gia *n.* (אָפּ-טהעל-מעל'-דזשי-א) א ווערטאָג אין אויג, נייראַלגיע פון אויג-עפּעל.

ophthal'mia *n.* (אָפּ-טהעל'-מי-א) די ענטצינדונג פון אינערען הייטעל פון אויגען-לעדעל.

ophthal'mic *a.* (אָפּ-טהעל'-מיק) פון די אויגען, וואָס געהערט צו די אויגען.

ophthalmi'tis *n.* (אָפּ-טהעל-מאַי'-טיס) אן ענטצינדונג פון אויג.

ophthalmog'raphy *n.* (אָפּ-טהעל-מאָג'-רע-פי) די אויגען-בעשרייבונג.

ophthalmolog'ic *a.* (אָפּ-טהעל-מא-לאָדזש'-איק) ז. ***ophthalmological***

ophthalmolog'ical *a.* (אָפּ-טהעל-מא-לאָדזש'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו דער לעהרע וועגען אויגען.

ophthalmol'ogy *n.* (אָפּ-טהעל-מאָל'-א-דזשי) אויגען-לעהרע [די וויסענשאַפט וועגען די אויגען].

ophthalmom'eter *n.* (אָפּ-טהעל-מאָמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דאָס אויג [בעזאָנדערס די רונדקייט פון האָרנהויט].

ophthalmom'etry *n.* (אָפּ-טהעל-מאָמ'-ע-טרי) דאָס מעסטען דאָס אויג [בעזאָנדערס די רונדקייט פון דער האָרן-הויט].

ophthal'moscope *n. and v.* (אָפּ-טהעל'-מא-סקאָופּ) אן אויגען-שפּיעגעל [אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען אונטערזוכט די נעץ-הויט פון אויג]; אונטערזוכען דאָס אויג מיט אן אויגען-שפּיעגעל.

ophthal'mostat *n.* (אָפּ-טהעל'-מא-סטעט) אן אינסטרומענט צו האַלטען דאָס אויג אין א בעשטימטער פּאָזיציאָן צו מאַכען לייכטער די אָפּעראַציאָן.

ophthalmot'omy *n.* (אָפּ-טהעל-מאָט'-א-מי) די צוגליעדערונג פון אויג; דאָס ארויסשניידען דאָס אויג.

ophthal'my *n.* (אָפּ-טהעל'-מי) ז. ***ophthalmia***

o'piate *a., n. and v.* (אָו'-פּי-אייט) וואָס ענטהאַלט אין זיך אָפּיום; נאַרקאָטיש; וואָס מאַכט טעמפּ די עמפּפינדליכקייט; איינשלעפערנד; א נאַרקאָטיש מיטעל; א שלאָף-טרונק; פערטעמפּען די עמפּפינדליכקייט [ווי דורך אָפּיום].

o'piated *a.* (אָו'-פּי-איי-טעד) צוגעריכט מיט אָפּיום.

opi'nable *a.* (א-פּאַי'-נעבל) וועגען וואָס מען קען דענקען אָדער האָבען א מיינונג.

opine' *v.* (א-פּאַין') דענקען, מיינען, זיין פון דער מיינונג.

opi'ner *n.* (א-פּאַי'-נער) דער וואָס האָט א מיינונג.

opin'iatively *adv.* (א-פּינ'-אי-איי-טיוו-לי) מיט האַרטנעקיגקייט, מיט עקשנות.

opin'iativeness *n.* (א-פּינ'-אי-איי-טיוו-נעס) איינגעשפּאַרטקייט, עקשנות, האַרטנעקיגקייט.

opin'ion *n.* (א-פּינ'-יאָן) א מיינונג, אן אורטייל.

opin'ionable *a.* (א-פּינ'-יאָנ-עבל) וועגען וואָס מען קען האָבען אן אייגענע מיינונג [אין געגענזאַץ צו דאָגמאַטיש].

opin'ionated *a.* (א-פּינ'-יאָנ-איי-טעד) 1. וואָס האָט א מיינונג; 2. פער'עקשנ'ט; וואָס האַלט זיך שטייף אן זיין מיינונג.

2. Listen to reason; don't be **opinionated.**

opin'ionative *a.* (א-פּינ'-יאָנ-איי-טיוו) וואָס האַלט זיך מיט עקשנות אן דער אייגענער מיינונג.

opin'ionatively *adv.* (א-פּינ'-יאָנ-איי-טיוו-לי) מיט האַרטנעקיגקייט; מיט עקשנות.

opin'ionativeness *n.* (א-פּינ'-יאָנ-איי-טיוו-נעס) עקשנות, איינגעשפּאַרטקייט.

opin'ioned *a.* (א-פּינ'-יאָנד) פער'עקשנ'ט; וואָס האַלט שטאַרק פון זיינע מיינונגען.

opin'ion ev'idence (א-פּינ'-יאָן עוו'-אי-דענס) אין געריכטס-פּיהרונג — עדות אָדער אַנווייזונגען וואָס מען בעקומט פון אן עקספּערט [ווי למשל, ביים בעשטימען צי איז איינער משוגע א. ד. ג.].

opin'ionist *n.* (א-פּינ'-יאָנ-איסט) אן עקשן, א האַרטנעקיגער מענש, אן איינגעשפּאַרטער; איינער וואָס האַלט שטאַרק פון זיינע מיינונגען.

Opin'ionist *n.* (א-פּינ'-יאָנ-איסט) איינער פון א מיטעלאַלטערליכער קאַטוילישער סעקטע, וועלכע האָט ניט אנערקענט דעם פּאַפּסט.

opisom'eter *n.* (אָפּ-אי-סאָמ'-ע-טער) אן אָפּיסאָמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען ליניען וואָס זיינען געבויגען אין פערשיעדענע ריכטונגען.

opis'then *n.* (א-פּיס'-טהען) דער הינטערשטער טייל ביי א חיה.

opis'thograph *n.* (א-פּיס'-טהא-גרעף) א פּאַרציימענער מאַנוסקריפּט וואָס איז געשריעבען פון ביידע זייטען.

o'pium *n.* (אָו'-פּי-אָם) אָפּיום [א מין אויסגעטריקענטער פּולווער, וואָס בעקומט זיך פון מאָהן-זאַפט. זעהר א שטאַרק נאַרקאָטיש מיטעל. ווערט געברויכט אין איינינע אזיאַטישע לענדער און ווירקט זעהר שעדליך אויף'ן געזונד].

o'pium-ea'ter *n.* (אָו'-פּי-אָם-איע'-טער) איינער וואָס געברויכט אָפּט אָפּיום אַלס א נאַרקאָטישען אָדער אויפרעגענדען מיטעל.

o'pium pop'py (אָו'-פּי-אָם פּאָפּ'-אי) אָפּיום-מאָהן, די אָפּיום-פּלאַנצע.

opobal'sam *n.* (אָפּ-א-באָהל'-סעם) דער מעקאַ-באַלזאַם [ווערט געברויכט אין מעדיצין].

opodel'doc *n.* (אָפּ-א-דעל'-דאָק) אָפּאָדעלדאָק [א מין זאַלב אָדער פּלאַסטער געמאַכט פון זייף און קאַמפער פאַנאַנדערגעלאָזען אין אַלקאָהאָל. ווערט פיעל געברויכט אַלס מיטעל צו רעאומאַטיזם].

Opium Poppy

opop'anax *n.* (א-פּאָפּ'-ע-נעקס) אָפּאָפּאַנאַקס [א מין שמעקענדע פּעך, וואָס בעקומט זיך פון וואָרצעל פון א געוויסען אזיאַטישען בוים און ווערט געברויכט אין מעדיצין און אין פּאַרפומען].

opos'sum *n.* (א-פּאָס'-אָם) דער אָפּאָסום, א קליין אַמעריקאַניש חיה'לע ענליך צו א ראַץ, וואָס טראָגט די קינדער אויף'ן רוקען. ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען, קליינע חיה'לעך, וואָרצלען, פּרוכטען א. ד. ג.



Opossum

opos'sum-shrimp *n.* (א-פּאָס'-אָם-שרימפּ) א מין קליינער ים-ראַק, וועלכער צייכענט זיך אויס דערמיט, דאָס ער טראָגט מיט זיך זיינע אייעלעך אין א מין זעקעלע צווישען די הינטערשטע פיס.

Opossum-shrimp

op'pidan *a. and n.* (אָפּ'-אי-דען) וואָס איז שייך צו א שטאָדט; שטאָדטיש; א סטודענט פון עטאָנער אוניווערזיטעט [אין ענגלאַנד], וועלכער וואָהנט ניט מיט אַלע אַנדערע סטודענטען, נאָר אין א פּריוואַטער קוואַרטיר.

op'pilate *v.* (אפ'-אי-לייט) פערשטאָפען; פערשפארען, פערלעגען מיט עפעס.

oppila'tion *n.* (אפ-אי-ליי'-שאן) די פערשטאפונג, דאס פערשפארען, דאס פערלעגען מיט עפעס.

op'pilative *a.* (אפ'-אי-לע-טיוו) פערשטאפענד; פערשפארענד; פערלעגענד.

oppo'nency *n.* (א-פאו'-נען-סי) אפאזיציאן, געגנערשאפט, אנטאגאניזם; דאס ארויסטרעטען אלס אפאנענט צו איינעמס בעהויפטונגען [הויפטזעכליך אין אן אקאדעמישען ויכוח].

oppo'nent *a. and n.* (א-פאו'-נענט) וואס שטעהט געגען; אנטאגאניסטיש; וואס טרעט ארויס אלס געגנער; אן אפאנענט, אן ערווידערער, א געגנער [אין א ויכוח].

opportune' *a.* (אפ-אר-טיון') בעקוועם, געלעגענטליך, פאסיג, צייטיג.

President Lincoln found an **opportune** moment to issue his emancipation proclamation.

opportune'ly *adv.* (אפ-אר-טיונ'-לי) ביי א געלעגענהייט; לויט דער פאסינער צייט.

opportune'ness *n.* (אפ-אר-טיונ'-נעס) דאס זיין געלעגענטליך, צו דער פאסיגער צייט.

opportu'nism *n.* (אפ-אר-טיו'-ניזם) אפארטוניזם, דאס צופאסען זיך צו די אומשטענדען; דאס אפפערען מיט די פרינציפען צוליעב געוויסע פארטיילע, וואס מען קען בעקומען אין דיעזען מאמענט.

opportu'nist *n. and a.* (אפ-אר-טיו'-ניסט) איינער וואס בענוצט זיך מיט נעלעגענהייטען; א מענש וואס פאסט זיך צו צו אלע אומשטענדען; אן אפארטוניסט, א מענש אהן פעסטע פרינציפען; אפארטוניסטיש, וואס איז שייך צו אפארטוניזם. ז. *opportunism*

opportu'nity *n.* (אפ-אר-טיו'-ני-טי) א געלעגענהייט, א פאסענדע צייט.

opposabil'ity *n.* (א-פאו-זע-ביל'-אי-טי) דאס זיין ענטגעגענגעשטעלט אדער ענטגעגענגעזעצט צו עפעס.

oppose' *v.* (א-פאוז') זיך זיין געגען, שטעלען געגען, ווידערשפרעכען; שטערען, ניט דערלאזען.

opposed' *a.* (א-פאוזד') וואס געפינט זיך אנטקעגען; ענטגעגענגעזעצט; וואס איז דער היפוך פון עפעס; אנטאגאניסטיש, פיינדליך געזאנען.

oppose'less *a.* (א-פאוז'-לעס) וואס מען קען ניט געגענשטעהן, געגען וואס מען קען ניט ארויסטרעטען.

oppo'ser *n.* (א-פאו'-זער) א געגנער, א ווידערשטרייטער, אן אפאנענט; איינער וואס איז פיינדליך געשטימט געגען עפעס.

op'posite *a. and n.* (אפ'-א-זיט) ענטגעגענגעזעצט, ענטגעגענגעשטעלט; וואס איז געגען אדער געגענאיבער; פיינדליך געשטימט; א געגנער, אן אפאנענט, אן אנטאגאניסט; דאס וואס איז ענטגעגענגעזעצט; דער היפוך פון עפעס.

op'positely *adv.* (אפ'-א-זיט-לי) אויף אן ענטגעגענגעזעצטען אופן; להיפוך.

op'positeness *n.* (אפ'-א-זיט-נעס) די ענטגעגענגעזעצטקייט; דאס זיין ענטגעגענגעזעצט.

op'posite sex (אפ'-א-זיט סעקס) דאס אנדערע געשלעכט.

oppositifo'lious *a.* (א-פאז-אי-טי-פאו'-לי-אס) אין באטאניק — וואס געפינט זיך אין געגען-פונקט פון א בלאט.

opposi'tion *n.* (אפ-א-זיש'-אן) די געגענשטעלונג; דער ווידערשטאנד; דאס שטעהן אנטקעגען; דער ווידערשטרייט, דער ווידערשפרוך; דער געגענזאץ; די אפאזיציאן, די געגען-פארטיי; אין אסטראנאמיע — דער געגענשיין [די לאגע פון צוויי הימלישע קערפער, ווי די זון און א פלאנעט, ווען זיי זיינען דיאמעטראל ענטגעגענגעזעצט, זיינען איינער געגען דעם אנדערען].

opposi'tional *a.* (אפ-א-זיש'-אנ-על) אפאזיציאנעל, געגנעריש.

opposi'tionist *n.* (אפ-א-זיש'-אנ-איסט) איינער פון דער אפאזיציאן, א געגנער פון דער הערשענדער פארטיי אדער פון דער אדמיניסטראציאן.

oppos'itive *a.* (א-פאז'-אי-טיוו) וואס שטעהט אין היפוך צו עפעס; וואס קען געשטעלט ווערען אין קאנטראסט אדער געגענזאץ.

oppress' *v.* (א-פרעס') דריקען, אונטערדריקען, פייניגען; מאכען שווער.

oppressed' *a.* (א-פרעסט') אונטערדריקט, געפייניגט.

oppres'sion *n.* (א-פרעש'-אן) די דריקונג, די אונטערדריקונג, די פייניגונג; די בעקלעמונג; דער דרוק; נידערגעשלאגענהייט.

oppress'ive *a.* (א-פרעס'-איוו) דריקענד, אונטערדריקענד, פייניגענד; גרויזאם, אכזריות'דיג.

oppress'ively *adv.* (א-פרעס'-איוו-לי) אונטערדריקענדיג; מיט דרוק; מיט גרויזאמקייט.

oppress'iveness *n.* (א-פרעס'-איוו-נעס) דאס זיין דריקענד; דאס זיין גרויזאם.

oppress'or *n.* (א-פרעס'-אר) אן אונטערדריקער, א פייניגער.

oppro'brious *a.* (א-פראו'-ברי-אס) שימפפליך, שענדליך; זידלעריש; מיט גראבע אויסדריקע.

oppro'briously *adv.* (א-פראו'-ברי-אס-לי) אויף א שענדליכער ארט; שימפפליך.

oppro'briousness *n.* (א-פראו'-ברי-אס-נעס) שענדליכקייט, שימפף, שאנדע, עהרענלאזיגקייט.

oppro'brium *n.* (א-פראו'-ברי-אם) שימפף, שאנדע; גראבע רייד; זידלעריי, שימפף-ווערטער.

oppugn' *v.* (א-פיון') שטרייטען דאגעגען; געבען א ווידערשטאנד; בעשטרייטען; אנגרייפען.

oppug'nance *n.* (א-פאג'-נענס) ז. *oppugnancy*

oppug'nancy *n.* (א-פאג'-נענ-סי) דער ווידערשטאנד, די בעשטרייטונג, דער אנגריף.

oppug'nant *a.* (א-פאג'-נענט) וואס גיט א ווידערשטאנד; וואס בעקעמפפט.

oppugn'er *n.* (א-פיונ'-ער) אן אפאנענט, א געגנער, אן אנגרייפער.

opsim'athy *n.* (אפ-סימ'-ע-טהי) דאס לערנען אויף דער עלטער; דאס געניסען בילדונג אין די עלטערע יאהרען.

opsiom'eter *n.* (אפ-סי-אמ'-ע-טער) ז. *optometer*

opsoma'nia *n.* (אפ-סא-מיי'-ני-א) אפסאמאניע, א מאניע אדער קרענקליכע ליידענשאפט צו געוויסע מאכלים.

opt. פערקירצונג פון *optative*

op'tative *a. and n.* (אפ'-טע-טיוו) וואס דריקט אוים א וואונש; ווינשענד; אין גראמאטיק — דער אפטאטיוו. ז. *optative mode*

op'tatively *adv.* (אפ'-טע-טיוו-לי) אויסדריקענדיג א וואונש.

op'tative mode (אפ'-טע-טיוו מאוד) אין גראמאטיק — דער אפטאטיוו [די פארם פון א צייטווארט, וואס דריקט אוים א ווילען אדער וואונש].

op'tic *a. and n.* (אפ'-טיק) אפטיש, וואס איז שייך צום זעה-ארגאן אדער צום אויג; וואס דיענט צום זעהן; וואס איז שייך צו אפטיק [די וויסענשאפט וועגען דער זעהונגס-קראפט, וועגען די אויגען און וועגען די אייגענשאפטען פון ליכט]; דאס אויג.

op'tical *a.* (אפ'-טי-קעל) אפטיש, וואס געהערט צום זעהן.

op'tical square (אפ'-טי-קעל סקהווערר) אן אפטישער אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט ביים אויפנעהמען פלענער צום אויסשטעלען ליניען אין רעכטע ווינקלען איינע צו די אנדערע

opti'cian *n.* (אפ-טיש'-ען) אן אפטיקער, איינער וואס מאכט אדער פערקויפט אפטישע גלעזער אדער אינסטרומענטען [ווי ברילען, שפאקטיוען א. ד. ג.]; א קענער אין אפטיק. ז. *optics*

op'tic nerves (אפ'-טיק נוירווז) די זעה-נערוועז.

op'tics *n.* (אפ'-טיקס) אפטיק, די ליכט-לעהרע [די וויסענשאפט וועגען ליכט און וועגען דער זעה-קראפט פון די אויגען].

op'timacy *n.* (אפ'-טי-מע-סי) די הערשונג פון אפטימאטען אדער אריסטאקראטען; אריסטאקראטיע.

optima'tes *n.* (אפ-טי-מיי'-טיז) די אפטימאטען, די אלט-רוימישע אריסטאקראטען; אריסטאקראטיע.

optim'eter *n.* (אפ-טימ'-ע-טער) ז. *optometer*

op'timism *n.* (אפ'-טי-מיזם) אפטימיזם [דאס אננעהמען אז אלץ וואס עס קומט פאר אין דער וועלט איז צום גוטען]; דאס אויסלעגען צום גוטען; א גוטע מיינונג איבער אלעס.

op'timist *n. and a.* (אפ'-טי-מיסט) אן אפטימיסט [איינער וואס האלט דאס אלעס וואס קומט פאר אין דער וועלט איז צום גוטען; איינער וואס לעגט אוים אלעס צום גוטען]: אפטימיסטיש.

optimis'tic *a.* (אפ-טי-מיס'-טיק) אפטימיסטיש, פול מיט גוטע האפנונגען.

optimis'tically *adv.* (אפ-טי-מיס'-טי-קעל-אי) אויף אן אפטימיסטישען שטייגער; זייענדיג פול מיט גוטע האפנונגען.

op'timize *v.* (אפ'-טי-מאיז) זיין אפטימיסטיש; האבען די בעסטע האפנונגען אויף דער צוקונפט.

op'tion *n.* (אפ'-שאן) די וואהל, די ברירה; דער פערלאנג, דער וואונש; די פרייע בחירה; אין האנדעלס-בעציהונגען — א קאנטראקט, נאך וועלכען איינער האט די פריווילעגיע צו פאדערען פון צווייטען צד אויסצופיהרען א געוויסע זאך אין א געוויסער צייט.

op'tional *a. and n.* (אפ'-שאנ-על) וואס איז איבערגעלאזען פאר איינעמס ברירה; וואס ווענדט זיך אן דער וואהל אדער בחירה; וואס פערלאזט זיך אויף יענעמס ברירה; אין די אוניווערזיטעטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א קורס פון למודים, וואס דער סטודענט אליין קלייבט זיך אוים און וועל-

כען ער איז ניט פערפליכטעט צו שטודירען, כדי צו בעקומען זיין דיפלאם.

op'tionally *adv.* (אפ'-שאנ-על-אי) לויט דער בחירה; מיט דער פריווילעגיע אויסצוקלייבען.

optom'eter *n.* (אפ-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די זעה-קראפט פון די אויגען [ווערט געברויכט מייסטענס ביים צופאסעןברילען צו די אויגען].

Optometer

optom'etry *n.* (אפ-טאמ'-עט-רי) דאס מעסטען די זעה-קראפט פון אויג.

op'ulence *n.* (אפ'-יו-לענס) רייכטום, רייכקייט.

op'ulency *n.* (אפ'-יו-לענ-סי) ז. *opulence*

op'ulent *a.* (אפ'-יו-לענט) רייך, פערמעגענד, פול מיט הרחבה.

op'ulently *adv.* (אפ'-יו-לענט-לי) זעהר רייך, בהרחבה.

o'pus *n.* (או'-פאס) א ליטעראריש ווערק; א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן.

opus'cle *n.* (א-פאס'ל) ז. *oposcule*

opus'cule *n.* (א-פאס'-קיול) א קליין ווערקעל, א קליין חבור'על.

or *c., adv. and prep.* (אר) אדער; בעפאר; איידער.

or'ach *n.* (אר'-עטש) די מעלדע [אזא שפינאט-עהנליך גראז].

or'acle *n.* (אר'-עקל) דאס אראקעל [א הייליגער טעמפעל אין אלטען גריכענלאנד, ווי למשל, פון גאט אפאלא אין דעלפי, פון וועלכען די פריסטער פלעגען ארויסגעבען נביאות'דיגע ענטפערס]; א געטליכע נביאות; א געטליכקייט אין וועמענס נאמען מען זאגט נביאות; דער אורים ותמים; א קלוגער אויסשפרוך; אן אונגעוועהנליכער חכם; א נביא.

orac'ular *a.* (א-רעק'-יו-לאר) ווי אן אראקעל, אראקעל-מעסיג, ווי נביאות, נביאות'דיג; דאגמאטיש; צווייטייטיג, ניט דייטליך, ניט קלאר, טונקעל.

oracular'ity *n.* (א-רעק-יו-לער'-אי-טי) ז. *oracularness*

orac'ularly *adv.* (א-רעק'-יו-לער-לי) אויף דעם אופן פון אן אראקעל, אזוי ווי נביאות; מעשה נביא; אויף א דאגמאטישען אופן.

orac'ularness *n.* (א-רעק'-יו-לער-נעס) דאס זיין ווי אן אראקעל. ז. *oracle*

orac'ulous *a.* (א-רעק'-יו-לאס) ז. *oracular*

orac'ulousness *n.* (א-רעק'-יו-לאס-נעס) ז. *oracularness*

o'ral *a.* (או'-רעל) מינדליך, בעל פה.

o'rally *adv.* (או'-רעל-אי) אויף א מינדליכען אופן, בעל פה.

o'ral plea'ding (או'-רעל פליע'-דינג) א מינדליכער ענטפער אדער א מינדליכע ערקלערונג אין געריכט.

orang' *n.* (או-רענג') ז. *orang-outang*

Or'ange *a.* (אר'-ענדזש) פון דער אראניען פירסטען-פאמיליע; וואס איז שייך צו דער אראניען פאמיליע [בעזאנדערס אין בעצוג צו וויליאם דעם דריטען פון ענגלאנד, דער פרינץ פון אראניען, וועלכער איז געוועזען פון די הויפט-קעמפפער פאר'ן פראטעסטאנטענטום].

or'ange *n. and a.* (אר'-ענדזש) אן אראנזש, אן אפעלסין, א פאמעראנץ; אן אראנזשען-בוים; אראנזש-פארב, רויט-געלבער קאליר; אראנזש-פארביג, רויט-געלב.

Orange

orangeade' *n.* (אר-ענ-דזשייד') אפעלסין-וואסער, פאמעראנצען-וואסער [א געטראנק געמאכט פון אראנזש-זאפט געמישט מיט וואסער און צוקער].

orangeat' *n.* (אר-ענ-זשעט') פאמעראנצען-שאלעכץ געפרעגעלט אין צוקער.

or'ange-blos'som *n.* (אר'-ענדזש-בלאס'-אם) אראנזשען-בליהונג [ווייסע בליהונג וואס ווערט געטראגען פון כלות אלס צייכען פון אונשולד און ריינקייט].

or'ange-col'ored *a.* (אר'-ענדזש-קאל'-ארד) פון אראנזש-קאליר; רויט-געלב.

or'ange-lil'y *n.* (אר'-ענדזש-ליל'-אי) די פייער-ליליע [אזא בלום].

Or'angeman *n.* (אר'-ענדזש-מען) אן אירלענדישער פראטעסטאנט; א מיטגליעד פון א פאליטיש-רעליגיעזען פעראיין אין אירלאנד אין יאהר 1795, וועלכער האט געקעמפפט פאר דער פערשפרייטונג פון פראטעסטאנטישען גלויבען און פאר דער בעשרענקונג פון דעם קאטוילישען איינפלוס אין דער רעגיערונג פון לאנד.

or'ange-musk *n.* (אר'-ענדזש-מאסק) די פאמעראנצען-בארנע.

or'ange-oil *n.* (אר'-ענדזש-איל) אראנזשען-אויל, פאמעראנצען-אויל [אזא זארט אויל וואס ווערט אויסגעדריקט פון פאמעראנצען-שאלעכץ].

or'ange-peel *n.* (אר'-ענדזש-פיעל) אראנזשען-שאלעכץ, אפעלסין-שאלעכץ.

or'ange-pip'pin *n.* (אר'-ענדזש-פיפ'-אין) דער פאמעראנצען-עפעל.

or'angery *n.* (אר'-ענדזש-רי) אן אראנזשעריע, אן אפעלסינען-גארטען, א פאמעראנצען-גארטען [בעזאנדערס א גלאז-הויז וואו אראנזשען-ביימער ווערען געהאלטען אין ווינטער-צייט].

or'ange-skin *n.* (אר'-ענדזש-סקין) די ברוינליכע הויט-פארב פון מאנכע נייגעבארענע קינדער.

or'ange-taw'ny *n. and a.* (אר'-ענדזש-טאה'-ני) א דונקעלער אראנזש-קאליר, א קאליר וואס איז צווישען ברוין און געלב; פון דונקעלער אראנזש-פארב.

or'ange-wife *n.* (אר'-ענדזש-הוואיף) א פרוי וואס פערקויפט אראנזשען אדער אפעלסינען.

or'ange-wom'an *n.* (אר'-ענדזש-הוואומ'-ען) ז. *orange-wife*

orang'-outang' *n.* (או-רענג'-או-טענג') דער אראנג-אוטאנג, דער וואלד-מענש [א גרויסע רויט-האריגע מענשען-עהנליכע אפע וועלכע געפינט זיך אין די וועלדער פון בארנעא און סומאטרא].

orang'-utan' *n.* (או-רענג'-או-טען') ז. *orang-outang*

o'rant *n.* (או'-רענט) א געמאלטע אדער געשניצטע פרויען-פיגור אין א פאזע ווי זי שטעהט און בעט גאט.

o'rate *v.* (או'-רייט) האלטען כלומר'שט א רעדע, זיך פאנאנדער'דרש'ענען.

ora'tion *n.* (א-ריי'-שאן) א רעדע; אן עפענטליכע רעדע.

or'ator *n.* (אר'-ע-טאר) אן אראטאר, א רעדנער, אן עפענטליכער רעדנער; אן אדוואקאט, א פערטיידיגער; א קלעגער אין א גערעכטיגקייטס-געריכט.

orato'rial *a.* (אר-ע-טאו'-רי-על) אראטאריש, רעדנעריש, ווי א רעדנער.

orato'rially *adv.* (אר-ע-טאו'-רי-על-אי) אויף אן אראטארישען אופן; אזוי ווי א רעדנער.

orator'ic *a.* (אר-ע-טאר'-איק) ז. *oratorical*

orator'ical *a.* (אר-ע-טאר'-אי-קעל) אראטאריש, רעדנעריש; וואס איז שייך צו אן אראטאר; אזוי ווי אן אראטאר.

orator'ically *adv.* (אר-ע-טאר'-אי-קעל-אי) אויף אן אראטארישען אופן; אזוי ווי אן אראטאר אדער רעדנער.

or'atories *n.* (אר'-ע-טא-ריז) א נעבעטס-הויז.

orato'rio *n.* (אר-ע-טאו'-רי-או) אן אראטאריע, א מוזיקאלישע האלב-דראמאטישע קאמפאזיציאן, וועלכע איז פערפאסט אויף א רעליגיעזער טהעמא; דער ווארט-טעקסט פון אן אראטאריע; א געבעטס-הויז.

or'atorize *v.* (אר'-ע-טאר-איז) אויפטרעטען אלס רעדנער, רעדען ווי אן אראטאר.

or'atory *n.* (אר'-ע-טא-רי) אראטארישע קונסט, רעדע-קונסט.

or'atress *n.* (אר'-ע-טרעס) ז. *oratrix*

or'atrix *n.* (אר'-ע-טריקס) אן אראטאריז, א רעדנערין; אן אנקלעגעריז אין א גערעכטיגקייטס-געריכט.

orb *n. and v.* (אהרב) א הימעלס-קערפער [ווי די זון, די לבנה א. ד. ג.]; די ערד; א קוגעל-פערמיגער קערפער; דאס אויג; א קרייז, א צירקעל; דער ארביט אדער קרייז-וועג פון א הימלישען קערפער; פארמירען אין א קרייז אדער צירקעל; ארומרינגלען אדער איינשליסען ווי מיט א קרייז; מאכען א קרייז אדער צירקעל.

orbed *a.* (אהרבד) רונד, קרייז-פערמיג; ווי א צירקעל; איינגעקרייזט, ארומגערינגעלט; אבגערונדעט, פערפאלקאמט, פערפעקט.

orbic'ular *a.* (אהר-ביק'-יו-לאר) קרייז-פערמיג, רונד; ווי א צירקעל; אבגערונדעט.

orbic′ularly *adv.* (אהר-ביק′-יו-לאר-לי) קרייז=פערמיג; אזוי ווי א צירקעל.

orbic′ularness *n.* (אהר-ביק′-יו-לאר-נעס) קרייז=פערמיגקייט, רונדקייט.

orbic′ulate *a.* (אהר-ביק′-יו-לייט) ז. ***orbicular***.

orbic′ulated *a.* (אהר-ביק′-יו-ליי-טעד) קרייז=פערמיג, רונד.

or′bit *n.* (אהר′-ביט) דער ארביט, דער קרייז=וועג פון א הימעלס=קערפער [פון דער זון, שטערן א. ז. וו.]; דאס אויגען=גריבעל.

or′bital *a.* (אהר′-בי-טעל) וואס געהערט צו דעם ארביט פון אויג [דאס אויגען=גריבעל].

or′chard *n.* (אהר′-טשארד) אן אויבסט=גארטען, א פרוכט=גארטען, א סאד.

or′charding *n.* (אהר′-טשאר-דינג) אויבסט=גערטנעריי, פרוכט=גערטנעריי.

or′chardist *n.* (אהר′-טשאר-דיסט) א פרוכט=גערטנער.

or′chestra *n.* (אהר′-קעס-טרא) דער פלאץ אין טעאטער ביי דער ביהנע, וועלכער איז אבגעטיילט פאר די מוזיקאנטען; דער פארקעט אין טעאטער [די זיץ=פלעצער אונטען אין טעאטער=זאאל]; א מוזיק=ארקעסטער.

or′chestral *a.* (אהר′-קעס-טרעל) וואס געהערט צו אן ארקעסטער. ז. ***orchestra***.

or′chestrate *v.* (אהר′-קעס-טרייט) פערפאסען מוזיק פאר אן ארקעסטער.

orchestra′tion *n.* (אהר-קעס-טריי′-שאן) דאס פערפאסען מוזיק פאר אן ארקעסטער.

orches′tric *a.* (אהר-קעס′-טריק) ז. ***orchestral***.

or′chid *n.* (אהר′-קיד) די ארכידעע [א מין שעהנע בלומען=פלאנצע].

Or′chis *n.* (אהר′-קיס) די ארכיס=פלאנצען [א מין בלומען=פלאנצען פון דער ארכידעען=פאמיליע מיט עליפטישע בלעטער און מיט קליינע בלומען].

or′chis *n.* (אהר′-קיס) אן ארכיס=פלאנצע; אן איי [פון געשלעכטס=ארגאן].

orchi′tis *n.* (אהר-קאי′-טיס) אן ענטצינדונג פון די אייער [פון די געשלעכטס=ארגאנען].

ordain′ *v.* (אהר-דיין′) ארדנען, פערארדנען; בעשטימען; אנשטעלען.

ordai′nable *a.* (אהר-דיי′-נעבל) בעשטימט; איינגעארדענט.

ordai′ner *n.* (אהר-דיי′-נער) אן ארדנער, א פערארדנער; א בעשטימער; אן איינפיהרער [אין אן אמט].

ordain′ment *n.* (אהר-דיינ′-מענט) פערארדנונג, בעשטימונג; איינפיהרונג [אין אמט].

or′deal *n. and a.* (אהר′-די-על) גאט׳ס משפט, גאט׳ס געריכט [א פארצייטיגער משפט ביי פערשיעדענע פעלקער, ווי אויך נאך היינט ביי אנדערע ווילדע אדער אונציוויליזירטע פעלקער, וואו דער בעשולדיגטער ווערט געשטעלט אויף פראבע פון זיין שולד אדער אונשולד דורך דער ווירקונג פון פייער, וואסער, גיפט א. ד. ג., אויב זיי וועלען אויף איהם האבען א שליטה אדער ניט. אזא מין משפט איז אמאל געוועזען ביי אידען דורך מים המאררים]; א שווערע פריפונג [פון געדולד, מוטה א. ז. וו.]; וואס איז שייך צו גאט׳ס משפט.

or′der *n. and v.* (אהר′-דער) ארדנונג; א פערארדנונג; א צושטאנד; א בעפעהל; א בעשטעלונג, אן אויפטראג; א קלאס חיות; א גרופע פלאנצען; א קלאס מענשען; א געזעלשאפטליכער קלאס אדער ראנג; דער ראנג פון א גלח; אן עקזיסטירענדער צושטאנד; אן עהרען=צייכען וואס ווערט פערטיילט פון דער רעגיערונג אדער פון קעניג [אן ארדען]; די טאגעס=ארדנונג [אין א פארלאמענט אדער פערזאמלונג]; אן עקזיסטירענדער כלל אדער מנהג; אן אנווייזונג [ווי א געלד=אנווייזונג א. ד. ג.]; א גייסטליכער ארדען; א ברידערליכער ארדען; א ריטוס, א רעליגיעזע צערעמאניע; אן ארכיטעקטור סטיל; א זייל מיט זיין פונדאמענט און איבערבוי, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר א געוויסען ארכיטעקטור סטיל; אין מאטעמאטיק — די צאהל וואס דריקט אויס וויפיעל עלעמענטארע אפעראציאנען עס זיינען ענטהאלטען אין א קאמפלעקס [א קאמפליצירטער אלגעבראאישער אויסדרוק]; ארדנען, איינריכטען; בעפעהלען; בעשטעלען; ברייגנען אין ארדנונג; רעגולירען; האלטען אין ארדנונג; רעגיערען; אנשטעלען אלס פריסטער.

or′der about′ (אהר′-דער ע-באוט′) קאמאנדעווען.

The manager entered the office and began to order about all the clerks.

or′der-book *n.* (אהר′-דער-בוק) א בעשטעל=בוך [א בוך אין א געשעפט, אין וועלכען בעשטעלונגען פון קונדען ווערען פערשריבען]; א בוך אויף א קריעגס=שיף, אין וועלכען עס ווערען פערשריבען די קאמאנדא=בעפעהלען; א מיליטער=בוך וואו עס ווערען פערשריבען די קאמאנדא=בעפעהלען.

or′derer *n.* (אהר′-דער-ער) אן ארדנער; איינער וואס האלט אין ארדנונג; א בעפעהלער.

or′dering *n.* (אהר′-דער-אינג) אן איינריכטונג; א בעפעהל; א פערארדנונג; א געבאט; א רעגיערונג; א פערוואלטונג.

or′derless *a.* (אהר′-דער-לעס) אונרעגעלמעסיג, אהן ארדנונג.

or′derliness *n.* (אהר′-דער-לי-נעס) ארדנונג; רעגעלמעסיגקייט.

or′derly *a., adv. and n.* (אהר′-דער-לי) רעגעלמעסיג; מיט ארדנונג; אויף א רעגעלמעסיגען אופן; א סאלדאט אדער אונטער=אפיציער וואס ברייגנט איבער די בעפעהלען פון אפיציער אדער ערפילט אנדערע שליחות׳ען; אן אויפפאסער אין א האספיטאל וואס האט די אויפגאבע צו האלטען ארדנונג צווישען די פאציענטען, נאכצוקומען זייערע פארערונגען, אבהיטען די ריינקייט א. ד. ג.

or′dinal *a. and n.* (אהר′-די-נעל) ארדינאל, וואס בעצייכענט אן ארדנונג [אין צאהלען]; אן ארדנונגס=צאהל [א צאהל וואס בעצייכענט ארדנונג, ווי ערשטער, צווייטער, צעהנטער א. ז. וו.]; א רעגעל=בוך [א בוך אין וועלכען עס זיינען פערשריבען אנגענומענע כללים אדער מנהגים]; א בוך פאר רעליגיעזע מנהגים.

or′dinance *n.* (אהר′-די-נענס) אן ארדינאנץ, א פערארדנונג, א בעפעהל, א געזעץ; א בעשטימונג; א פארגעשריבענע רעליגיעזע צערעמאניע; אין ארכיטעקטור — א סיסטעם, א סטיל.

or′dinance of nullifica′tion (אהר′-די-נענס אוו נאל-אי-פי-קיי′-שאן) אן ארדינאנץ [פערארדנונג] וואס איז אנגענומען אויף א שטאאטס=קאנווענציאן אין זיד קאראלאינע דעם 24טען נאוועמבער 1832, וועלכע האט ערקלערט פאר ניט גילטיג געוויסע געזעצען פון אמעריקאנער קאנגרעס [פארלאמענט] וועגען אבצאהלונגס=שטייער אויף אויסלענדישע סחורות, ווארנענדיג דערביי, אז אויב עס וועט געמאכט ווערען א פראבע צו צווינגען דורכצופיהרען דיעזע געזעצע, וועט דער שטאאט זיד קאראלאינע ארויסטרעטען פון די פעראייניגטע שטאאטען].

or′dinance of 1784 (אהר′-די-נענס אוו סעוו′נ-טיען′ איי′-טי פאור) דאס געזעץ וואס איז אנגענומען געווארען אין קאנגרעס [פארלאמענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא] אין יאהר 1784, דעם 23טען אפריל וועגען דער צייטווייליגער רעגיערונג פון דער נארד=וועסטליכער טעריטאריע.

or′dinance of 1787 (אהר′-די-נענס אוו סעוו′נ-טיען′ איי′-טי סעוון) דאס געזעץ פון יאהר 1787 וואס איז אנגענומען געווארען אין קאנגרעס [פארלאמענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא] וועגען דער ארגאניזירונג פון דער נארד=וועסטליכער טעריטאריע, וועלכע בעשטעהט פון די איצטיגע שטאאטען: אהאיא, אינדיאנא, אילינאי, מישיגען און וויסקאנסין.

or′dinand *n.* (אהר′-די-נענד) א קאנדידאט פאר א פריסטער=אמט.

or′dinarily *adv.* (אהר′-די-נע-רי-לי) אויף א געוועהנליכען אופן; אויף אן אלטעגליכען אופן; פראסט, איינפאך.

or′dinary *a. and n.* (אהר′-די-נע-רי) 1. ארדינער, פראסט, איינפאך; געוועהנליך, אלטעגליך; 2. געמיין, נידריג; 3. דאס ארדינערע, דאס געוועהנליכע; דאס געוועהנליך פעסטגעשטעלטע; די געוועהנליך בעשטימטע פארם; דאס דורכשניטליכע; דאס אלטעגליכע; א טאבעל=דאט, א געוועהנליכער, אלטעגליכער מאהלצייט אין א רעסטאראן אדער גארקיך; א רעסטאראן, וואו אזעלכע מאהלצייטען ווערען געגעבען אדער וואו עס איז פאראן א פעסטער פרייז פאר א מאהלצייט; 4. אן ארדינאריום, א פערזאן וואס בעזיצט א יוריסדיקציאנס=רעכט לויט זיין אמט; א בישאף, אן ערץ=בישאף אדער אן אנדער גייסטליכער אין דעם אמט פון א קירכען=ריכטער; א ריכטער פון אן ערבשאפטס=געריכט [א געריכט וועגען צוואות און ירושות]; אין דער קאטוילישער קירך— דער געוועהנליכער מעסען=דיענסט.

1. This is no ordinary dispute between rivals. 3. He is a man of ordinary abilities.

or′dinate *a. and n.* (אהר′-די-נייט) רעגעלמעסיג, רעגולער; אן ארדינאטע [א ווערטיקאלע ליניע אין אנאליטישער געאמעטריע, וועלכע ווערט בענוצט צו בעשטימען די לאגע פון א פונקט אין רוים].

ordina′tion *n.* (אהר-די-ניי′-שאן) דאס ארדנען אין רייהען; דאס איינהייליגען א גייסטליכען אין זיין אמט; איינרעגולירונג, איינארדנונג; א בעשטימונג, א בעפעהל, א פערארדנונג.

ordinee′ *n.* (אהר-די-ניע′) אן איינגעהייליגטער אין א פריסטליכען אמט.

ord′nance *n.* (אהרד′-נענס) שווערע ארטילעריע, הארמאטען; קריעגס=וואפען.

ord′nance-of′fice *n.* (אהרד′-נענס-אפ′-איס) דאס ארטילעריע=דעפארטאמענט פון דער אמעריקאנער ארמעע.

or′donnance *n.* (אהר′-דא-נענס) די קינסטלערישע איינארדנונג, די קינסטלערישע איינארדנונג פון די פיגורען אויף א

געמעלדע, די טיילען פון א קונסט=געביידע א. ד. ג.: א פעראָרדנונג, א געזעץ.

or'dure *n.* (אהר'-דזשור) מיסט, צאה.

or'durous *a.* (אר'-דזשו-ראס) וואס איז שייך צו צאה אדער טינוף.

Ore. [דער *Oregon* אבקירצונג פון שטאאט ארעגאן, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

ore *n.* (אור) ערץ, רויהעס מעטאל; מעטאל.

ö're *n.* (אוי'-רע) א קליינע קופערנע מטבע, א הונדערטעל פון א קראנע אין די סקאנדינאווישע לענדער, ווי שוועדען, נארוועגיען און דענעמארק. האט דעם ווערטה אונגעפעהר פון א פיערטעל אמעריקאנער סענט.

ore'-hearth *n.* (אור'-הארטה) א קליינער שמעלץ=אויווען פאר בליי=ערץ.

or else (אר עלס) ווען ניט...; זאנסט.
Do as I say or else resign your position.

oreograph'ic *a.* (או-רי-א-גרעפ'-איק) ז. *orographic*

oreog'raphy *n.* (או-רי-אג'-רע-פי) ז. *orography*

or'gal *n.* (אהר'-געל) דער רויהער וויינשטיין.

or'gan *n.* (אהר'-גען) אן ארגאן; א גליעד; אן ארגעל [א מוזיקאלישער אינסטרומענט] אדער ארגעל=עהנליכער אינסטרומענט; א צייטונג אדער אנדערע פעריאדישע אויסגאבע פון א פארטיי, געווערקשאפט, פעראיין א. ד. ג.



Organ

or'gan-blow'er *n.* (אהר'-גען-בלאו'-ער) אן ארגעל=בלאזער, אן ארגעל=טרעטער; א מאטאר אדער מאשין צום בלאזען אן ארגעל.

or'gan-buil'der *n.* (אהר'-גען-ביל'-דער) אן ארגעל=מאכער.

or'gandie *n.* (אהר'-גען-די) ז. *organdy*

or'gandy *n.* (אהר'-גען-די) א זעהר פיינער דורכזיכטיגער מוסלין פאר פרויען=קליידער.

or'gan-grin'der *n.* (אהר'-גען-גראינ'-דער) א קאטערינשטשיק, א שפיעלער אויף א לייערקאסטען.

organ'ic *a.* (אהר-גען'-איק) ארגאניש; וואס דיענט אלס ארגאן אדער גליעד; וואס איז שייך צו די ארגאנען פון חיות אדער פלאנצען; וואס איז שייך צו אן ארגאניזם; וואס איז שייך צו דער ארגאנישער וועלט [טהיערען=וועלט און פלאנצען=וועלט]; וואס ענטהאלט קויהלען=שטאף אלס הויפט=עלעמענט; ארגאניזירט, סיסטעמאטיזירט; וואס העננט אב פון דער סטרוקטור פון ווארט; פונדאמענטאל.

organ'ic ac'id (אהר-גען'-איק עס'-איד) אן ארגאנישע זויערע [א זויערע וואס ענטהאלט אין זיך קויהלען=שטאף].

organ'ical *a.* (אהר-גען'-אי-קעל) ז. *organic*

organ'ically *adv.* (אהר-גען'-אי-קעל-אי) ארגאניש; מיט ארגאנען אדער גליעדער; אין בעצוג צו דעם ארגאנישען צוזאמענהאנג.

organ'icalness *n.* (אהר-גען'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ארגאניש.

organ'ic anal'ysis (אהר-גען'-איק ע-נעל'-אי-סיס) די כעמישע אנאליזע פון ארגאנישע שטאפען [די בעשטימונג אין וואס פאר א קוואנטיטעט עס געפינט זיך אין א כעמישער פערבינדונג קויהלען=שטאף, וואסער=שטאף, שטיק=שטאף און אנדערע עלעמענטען].

organ'ic bod'y (אהר-גען'-איק באד'-אי) אן ארגאנישער קערפער [וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע ארגאנען].

organ'ic chem'istry (אהר-גען'-איק קעמ'-איס-טרי) ארגאנישע כעמיע [דער טייל פון כעמיע וואס פערנעהמט זיך מיט דער אנאליזירונג און צוזאמענשטעלונג פון ארגאנישע שטאפען].

organ'ic disease' (אהר-גען'-איק די-זיעז') אן ארגאנישע קראנקהייט [א קראנקהייט פון וועלכער דאס ארגאנישע געוועב איז אנגעגריפען].

organ'icism *n.* (אהר-גען'-אי-סיזם) די טעאריע וועלכע בעהויפטעט, אז אלע קראנקהייטען העננען אב פון מאטעריעלע בעשעדיגונגען פון די ארגאנען.

organ'ic law (אהר-גען'-איק לאה) ארגאנישע געזעצען, די פונדאמענטאלע געזעצען פון א לאנד אדער די קאנסטיטוציאן.

organ'ic remains' (אהר-גען'-איק רי-מיינז') ארגאניזמען, וועלכע געפינען זיך אין די פערשיעדענע שיכטען פון דער ערד.

organif'ic *a.* (אהר-גע-ניפ'-איק) וואס שטעלט צונויף אן ארגאניזם; וואס ווירקט דורך ארגאנען.

organ'ify *v.* (אהר-גען'-אי-פאי) אין פאטאגראפיע — צולעגען ארגאנישען שטאף, דורכווייקען אין ארגאנישען שטאף [ווענען פלאטען וועלכע פלעגען געמאכט ווערען נאך דער אלטער מעטאדע].

or'ganise *v.* (אהר'-גען-איז) ז. *organize*

or'ganism *n.* (אהר'-גען-איזם) אן ארגאניזם.

organis'mal *a.* (אהר-גע-ניז'-מעל) וואס קומט פון אדער וואס איז שייך צו א לעבעדיגען ארגאניזם.

or'ganist *n.* (אהר'-גען-איסט) אן ארגאניסט, אן ארגעל=שפיעלער.

organis'tic *a.* (אהר-גע-ניס'-טיק) וואס איז שייך צו אן ארגעל.

organizabil'ity *n.* (אהר-גען-אי-זע-ביל'-אי-טי) ארגאניזירטקייט; ארגאניזירבארקייט.

or'ganizable *a.* (אהר'-גען-אי-זעבל) ארגאניזירבאר, וואס קען ארגאניזירט ווערען.

organiza'tion *n.* (אהר-גען-אי-זיי'-שאן) אן ארגאניזאציאן; ארגאניזירונג, דאס ארגאניזירען; דער ארגאנישער געבוי פון עפעס.

or'ganize *v.* (אהר'-גען-איז) ארגאניזירען; איינריכטען, איינארדנען.

or'ganizer *n.* (אהר'-גען-אי-זער) אן ארגאניזאטאר.

or'gan-loft *n.* (אהר'-גען-לאהפט) דאס ארגעל=כאר, די גאלעריע אין א קירך, וואו עס שטעהט דער ארגעל.

organog'raphy *n.* (אהר-גע-נאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון די ארגאנען ביי חיות און פלאנצען; די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען.

organol'ogy *n.* (אהר-גע-נאל'-א-דזשי) ארגאנאלאגיע, דער טייל פון ביאלאגיע וואס פערנעהמט זיך מיט די ארגאנען פון חיות און פלאנצען אין בעצוג צו זייער בוי און פונקציאנען.

or'ganon *n.* (אהר'-גע-נאן) אן אינסטרומענט צום דענקען; לאגיק; א קאדעקס פון כללים און פרינציפען פאר וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען.

organon'omy *a.* (אהר-גע-נאנ'-א-מי) די געזעצען, וועלכע קאנטראלירען דאס ארגאנישע לעבען; דאס שטודיום פון דיעזע געזעצען.

or'ganoplasty *n.* (אהר'-גען-א-פלעס-טי) אין ביאלאגיע — ארגאנאפלאסטיק, די ענטוויקלונג פון ארגאנען=געוועב ביי פלאנצען און חיות.

or'ganoscopy *n.* (אהר'-גען-א-סקאו-פי) ז. *phrenology*

or'gan-pipe *n.* (אהר'-גען-פאיפ) אן ארגעל=פייפעל [איינע פון די פייפלעך אין אן ארגעל]; דער האלז, דער גארגעל, די שטימע.

or'ganzine *n. and v.* (אהר'-גען-זין) צווירענט=זייד [זייד=פאדים וואס איז צונויפגעדרעהט פון מעהרערע פעדים]; זיידען=שטאף געוועבט פון צווירענט=זייד; שפינען צווירענט=זייד.

or'gasm *n.* (אהר'-געזם) שטארקע אויפרעגונג; אן אויפרעגונג פון א קערפער=גליעד; אן אויפרעגונג פון געשלעכטס=ארגאן.

orgas'tic *a.* (אהר-געס'-טיק) אויפגערעגט [וועגען א קערפער=גליעד].

or'geat *n.* (אהר'-זשעט) אזא סיראפ געמאכט פון מאנדלען, צוקער און אראנזש=בלומען=וואסער; מאנדעל=מילך.

orgias'tic *a.* (אהר-דזשי-עס'-טיק) ווי ארגיען, ארגיענמעסיג. ז. *orgies*

or'gies *n.* (אהר'-דזשיז) ארגיען, באקכוס=פעסטליכקייטען [אן אויסגעלאסענע זויפעריי ביי די אלט=גריכען לכבוד באקכוס, דעם גאט פון וויין]; אויסגעלאסענע זויפערייען, אויסגעלאסענע הוליאנקעס.

or'gy *n.* (אהר'-דזשי) אן ארגיע. ז. *orgies*

o'riel *n.* (או'-רי-על) אזא פענסטער וואס שטארצט ארויס פון וואנד ווי א ווערענדע אדער באלקאן; א זייטען=קעמערעל פון א קארידאר אדער פון א צימער.



Oriel

o'rient *a., n. and v.* (או'-רי-ענט) אסטליך, מזרח-זייטיג; אויפגעהענד [וועגען דער זון]; גלענצענד, שטראהלענד [וועגען פערל אדער דימענטען]; מזרח-זייט; דער גלאנץ פון א פערל; א גלענצענדער פערל; בעשטימען די לאגע אין בעצוג צו מזרח זייט; שטעלען צו מזרח-זייט; אוועקשטעלען א קריסטאל אין אזא לאגע, אין וועלכער מען קען זעהן זיין פאלשטענדיגע סימעטריע; זיך אריענטירען [בעשטימען וואו מען געפינט זיך].

O'rient *n.* (או'-רי-ענט) דער אריענט, די מזרח לענדער [ווי טערקיי, עגיפטען, פערזיען, אינדיען א. ד. ג.].

orien'tal *a. and n.* (או-רי-ענ'-טעל) אסטליך, מזרח-זייטיג; גלענצענד; אויסגעצייכענט; פרעכטיג; אריענטאליש; וואס איז שייך צו די מזרח-לענדער; אן איינוואהנער פון אריענט אדער אזיען.

Orien'tal *a. and n.* (או-רי-ענ'-טעל) אריענטאליש, וואס איז שייך צו די אריענטאלישע אדער מזרח לענדער; אן איינוואהנער פון אריענט אדער פון אזיען.

orien'talism *n.* (או-רי-ענ'-טעל-איזם) אריענטאליזם, די אייגענטימליכקייטען פון די אריענטאלישע שפראכען, מנהגים, בענעהמונגען א. ד. ג.; קענטשאפט אין די אריענטאלישע שפראכען און ליטעראטור.

Orien'talist *n.* (או-רי-ענ'-טעל-איסט) אן איינוואהנער פון אריענט; אן אריענטאליסט [א קענער פון דער געשיכטע, שפראכע און זיטען פון די אריענטאלישע פעלקער].

orien'talize *v.* (או-רי-ענ'-טעל-איז) אריענטאליזירען, צוגעבען אן אריענטאלישען כאראקטער.

orien'tally *adv.* (או-רי-ענ'-טעל-אי) אין אריענט, אין אסטען; אין בעצוג צו דעם אריענט; לויט די אריענטאלישע זיטען און מנהגים.

orien'tate *v.* (או-רי-ענ'-טייט) שטעלען צו מזרח-זייט; ווענדען צו מזרח; בעשטימען די לאגע אין בעצוג צו מזרח-זייט; אוועקשטעלען א קריסטאל אין אזא לאגע אין וועלכער מען קען זעהן זיין סימעטריע; זיך שטעלען צו מזרח-זייט; זיך שטעלען גאט בעטען אדער דאווענען מיט דעם פנים צו מזרח-זייט; זיך אריענטירען [בעשטימען וואו מען געפינט זיך].

orienta'tion *n.* (או-רי-ען-טיי'-שאן) די בעשטימונג פון דער הימעלס-געגענד אין בעצוג צו דער מזרח-זייט; אריענטירונג [דאס בעשטימען וואו מען געפינט זיך]; דאס אוועקשטעלען א קריסטאל אין אזא לאגע וואו מען קען זעהן זיין סימעטריע; דער אינסטינקט ביי פויגלען און געוויסע חיות צו געפינען דעם וועג צוריק צו זייער היים ווען מען האט זיי ערגעץ ווייט אוועקגעפיהרט.

o'rientator *n.* (או'-רי-ען-טיי-טאר) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די לאגע פון א קירך, אז דער קאנציל אדער אלטאר זאל אויסקומען אין מזרח-זייט.

o'rientness *n.* (או'-רי-ענט-נעס) דאס זיין בלישטשענד, שיינענד [וועגען דימענטען].

or'ifice *n.* (אר'-אי-פיס) אן עפנונג; א לאך.

or'iflamme *n.* (אר'-אי-פלעם) די אריפלאמע [א רויט-זיידענע קריעגס-פאהן מיט שפיצען פון די אמאליגע פראנצויזישע קעניגע].

or'igan *n.* (אר'-אי-גען) די דאסטען-פלאנצע. ז. *Origanum*

Orig'anum *n.* (א-ריג'-ע-נאם) די דאסטען-פלאנצען [א מין בוימלעך-ארטיגע פלאנצען מיט קליינע בלעטער און מיט בליהונגען וועלכע וואקסען אין בינטלעך].

or'igin *n.* (אר'-אי-דזשין) דער אורשפרונג, דער אנפאנג, דער קוואל פון עפעס; דער מקור, דער שרש; די ענטשטעהונג, די אבשטאמונג.

orig'inal *a. and n.* (א-רידזש'-אי-נעל) 1. אנפאנגליך, אורשפרינגליך, אייגענטימליך; אריגינעל; 2. וואס שאפט אדער וואס איז געשאפען זעלבסטשטענדיג, ניט קאפירט; 3. וואס איז זאנדערבאר, ניט געוועהנליך; פריש, ניי, וואס איז נאך קיינמאל ניט געוועזען; 4. דער אנפאנג, דער שרש פון עפעס; 5. דאס אריגינאל, דאס ערשטע בילד אדער שריפט, וועלכע איז ניט קאפירט אדער ניט איבערזעצט פון אן אנדערער; 6. אן אריגינאל, א זאנדערבארער מענש.

1. The work is full of **original** ideas. 2. He bought an **original** work of a celebrated painter. 5. The work is translated from the **original**.

original'ity *n.* (א-רידזש-אי-נעל'-אי-טי) אריגינאליטעט, עכטקייט, אייגענטימליכקייט, זאנדערבארקייט.

orig'inally *adv.* (א-רידזש'-אי-נעל-אי) אנפאנגס, אורשפרינגליך, אויף אן אריגינעלער ארט.

orig'inalness *n.* (א-רידזש'-אי-נעל-נעס) אריגינאליטעט; דאס זיין אריגינעל.

orig'inal sin (א-רידזש'-אי-נעל סין) א זינד וואס נעהמט זיך ניט פון בייזען ווילען פון יחיד, נאר פון דער פערדארבענהייט פון דער מענשליכער נאטור בכלל.

orig'inant *a.* (א-רידזש'-אי-נענט) וואס איז אריגינעל; וואס שאפט נייעס.

orig'inate *v.* (א-רידזש'-אי-נייט) געבען דעם אנהויב צו עפעס; ארויסברענגען עטוואס נייעס; פעראורזאכען די עקזיסטענץ; ענטשטעהן, ארויסקומען, אבשטאמען; אנהויבען.

origina'tion *n.* (א-רידזש-אי-ניי'-שאן) די ארויסברייננגונג; דאס ארויסבריינגען עטוואס נייעס; דער אורשפרונג, די אבשטאמונג; דער ארויסגאנגס-פונקט.

orig'inative *a.* (א-רידזש'-אי-ניי-טיוו) וואס בריינגט עפעס ארויס; שאפענד; מאכענד עפעס נייעס.

orig'inatively *adv.* (א-רידזש'-אי-ניי-טיוו-לי) שאפענדיג אדער ארויסבריינגענדיג עטוואס נייעס; בריינגענדיג אין עקזיסטענץ.

orig'inator *n.* (א-רידזש'-אי-ניי-טאר) א פעראורזאכער, א בעוועגער; דער וואס בריינגט עפעס ארויס צום ערשטען מאל; דער וואס בעשאפט עפעס נייעס.

o'riole *n.* (או'-רי-אול) דער פיראל [א קליינער זינג-פויגעל פון א גאלד-געלבען קאליר מיט א שווארצען עק און פליגלען].

Oriole

Ori'on *n.* (א-ראי'-אן) דער אריאן [א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען]; א מין זשוקלעך.

or'ison *n.* (אר'-אי-זאן) א געבעט, א תפלה.

or'lop *n.* (אהר'-לאפ) דער גאנץ אונטערשטער דעק פון א שיף וואו די שטריק ווערען צונויפגעוויקעלט.

Or'mazd *n.* (אהר'-מעזד) ז. *Ormuzd*

or'molu *n.* (אהר'-מא-לוה) בעגילטע קופער אדער מעש; נאכגעמאכטעס גאלד.

Or'muzd *n.* (אהר'-מאזד) אין דער אלט-פערזישער רעליגיאן — ארמוזד, דער גרעסטער גאט, דער בעשעפער פון דער וועלט און דער קוואל פון גוטסקייט און חכמה [אין געגענזאץ צו ארימאן, דער גאט פון בייזעס און פינסטערניש].

or'nament *n. and v.* (אהר'-נע-מענט) אן ארנאמענט, א ציערונג, א פערציערונג; דער פוץ; אן עהרען-צייכען; ציערען, פערציערען, בעשעהנען.

ornamen'tal *a.* (אהר-נע-מענ'-טעל) וואס דיענט אלס א פערציערונג; וואס דיענט צום בעשעהנען.

ornamen'talist *n.* (אהר-נע-מענ'-טעל-איסט) אן ארטיסט, וואס מאכט ארנאמענטען.

ornamen'tally *adv.* (אהר-נע-מענ'-טעל-אי) מיט פוץ, אויף א געציערטער ארט.

ornamenta'tion *n.* (אהר-נע-מענ-טיי'-שאן) די בעפוצונג, די בעציערונג, די בעשעהנונג.

or'namenter *n.* (אהר'-נע-מענ-טער) איינער וואס בעפוצט אדער פערציערט; א דעקאראטאר.

or'namentist *n.* (אהר'-נע-מענ-טיסט) ז. *ornamenter*

ornate' *a.* (אהר-נייט') געציערט, בעציערט, בעשעהנט, בעפוצט.

ornate'ly *adv.* (אהר-נייט'-לי) אויף א געפוצטער ארט.

ornate'ness *n.* (אהר-נייט'-נעס) ציערליכקייט; בעפוצונג, בעשעהנונג.

or'nis *n.* (אהר'-ניס) די פויגלען פון א געוויסען לאנד אדער געגענד.

ornith'ic *a.* (אהר-ניטה'-איק) וואס איז שייך צו פויגלען; עהנליך צו א פויגעל.

ornithocop'ros *n.* (אהר-ני-טהא-קאפ'-ראס) די צאה פון א פויגעל.

ornithog'raphy *n.* (אהר-ני-טהאג'-רע-פי) ארניטאגראפיע, די בעשרייבונג פון פויגלען.

ornith'olite *n.* (אהר-ניטה'-א-לאיט) א פערשטיינערטער פויגעל.

ornitholog'ic *a.* (אהר-ני-טהא-לאדזש'-איק) ז. *ornithological*

ornitholog'ical *a.* (אהר-ני-טהא-לאדזש'-אי-קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע איבער פויגלען.

ornithol'ogist *n.* (אהר-ני-טהאל'-א-דזשיסט) אן ארניטאלאגיסט, א פויגעל-קענער, איינער וואס בעזיצט די וויסענשאפט וועגען פויגלען.

ornithol'ogy *n.* (אהר-ני-טהאל'-א-דזשי) ארניטאלאגיע, די פויגעל-לעהרע, די לעהרע איבער פויגלען.

or'nithomancy *n.* (אהר'-ני-טהא-מענ-סי) פויגעל-וואהרזאגעריי [דאס טרעפען די צוקונפט אדער זאגען נביאות לויט דעם פליהען פון פויגלען אדער דורך אנדערע אזעלכע סמנים].

or'nithon *n.* (אהר'-ני-טהאן) א נעביידע פאר פויגלען.

Ornithorhyn'chus *n.* (אהר-ני-טהא-רינ'-קאס) דער מין זויג-טהיערע וואס לעגען אייער [פון דיעזען מין איז בעקאנט נור איין חיה — דער ענטעל-שנאבעל,

SPECIMENS OF ORNAMENTAL ENAMELING
מוסטערען פון עמאל־אָרנאמענטען.



1. Japanese
2. Indian Decoration
3. German Renaissance
4. Keltic Clasp with Champlevé
5. Indian Decoration
6. Indian Cloisonné
7. Mediaeval Champlevé
8. Limoges Work (16th Century)
9. Chinese
10. Indian Cloisonné
11. Greek (4th Cent. B.C.)
12. Mediaeval Champlevé
13. Frankish Cloisonné (8th Century)
14. German Renaissance
15. Snuff-Box (French, 18th Century)
16. Egyptian Cloisonné
17. Egyptian Cloisonné
18. Egyptian Champlevé (Roman Imperial Period)
19. Russian Wire-Enamel (1 th Century)
20. Indian Decoration
21. Early Byzantine Cloisonné
22. Limoges Work (16th Century)

וועלכער געפינט זיך ביי די וואסערן אין אויסטראליען].

ornithorhyn'chus *n.* (אהר-ני-טהא-רינ'-קאס) דער ענטעל-שנאבעל [א זויג-טהיער, וואס געפינט זיך ביי די וואסערן אין אויסטראליען. ער האט א שנאבעל עהנליך ווי פון אן ענטעל און לעגט אייער]. ז. *duckbill*.



Ornithorhynchus

ornithot'omy *n.* (אהר-ני-טהאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון פויגלען; דאס שטודירען דעם אנאטאמישען געבוי פון פויגלען.

orograph'ic *a.* (אר-א-גרעפ'-איק) ארא-גראפיש, וואס איז שייך צו אראגראפיע. ז. *orography*.

orog'raphy *n.* (א-ראג'-רע-פי) ארא-גראפיע, די בעשרייבונג פון בערג אין א געוויסען לאנד אדער געגענד.

o'roide *n.* (או'-רא-איד) א לעגירונג אדער צוזאמענשמעלצונג פון קופער, צינק און אנדערע מעטאלען, וועלכע בעקומט אן אויסזעהען פון גאלד [ווערט בענוצט אין פאבריצירען פערשיעדענע בילינע ציערונג].

orolog'ical *a.* (אר-א-לאדזש'-אי-קעל) אראלאגיש; וואס געהערט צו בערג-בעשרייבונג אדער צו דער וויסענשאפט וועגען בערג.

orol'ogy *n.* (א-ראל'-א-דזשי) אראלא-גיע, בערג-קענטניס, בערג-בעשרייבונג, די וויסענשאפט וועגען בערג.

orona'sal *a.* (או-ראו-ניי'-זעל) וואס איז שייך צום מויל און צו דער נאז.

orophar'ynx *n.* (או-רא-פער'-אינקס) דער טייל פון שלונד גלייך הינטער'ן מויל.

o'rotund *a.* (או'-רא-טאנד) וואס ווערט אויסגעשפראכען פיין און שארף [וועגען בוכשטאבען אדער ווערטער].

orotun'dity *n.* (או-רא-טאנ'-די-טי) דאס אויסשפרעכען פיין און שארף [וועגען בוכשטאבען אדער ווערטער].

or'phan *n., a. and v.* (אהר'-פען) א יתום, א יתומה; אהן א פאטער; אהן א מוטער; אהן עלטערן; יתומ'דיג, שוצ-לאז; פער'יתומ'ט; וואס איז שייך צו א יתום אדער יתומה; מאכען פאר א יתום אדער יתומה.

or'phanage *n.* (אהר'-פען-איידזש) דאס זיין א יתום; א יתומים-הויז, א וואיזען-הויז; יתומים אין אלגעמיין.

or'phan-asy'lum *n.* (אהר'-פען-ע-סאי'-לאם) א יתומים-אנשטאלט; א וואי-זען-הויז.

or'phanet *n.* (אהר'-פען-עט) א יתום'על; א יתומה'לע.

or'phanhood *n.* (אהר'-פען-הוד) דאס זיין א יתום אדער יתומה; יתומים-שטאנד.

or'phanism *n.* (אהר'-פען-איזם) ז. *orphanhood*.

Or'phean *a.* (אהר'-פי-ען) וואס איז שייך צו ארפעאוס [א לעגענדארער אלט-גריכישער זינגער, וועמעס געזאנג האט געהאט א בעצויבערענדע קראפט]; מע-לאדיש; וואס זינגט מעלאדיש [וועגען געוויסע זינג-פויגעלעך].

Or'pheus *n.* (אהר'-פי-אס) ארפעאוס, א לעגענדארער גריכישער פאעט און מוזי-קער פארצייטען אין גריכענלאנד פון וועל-כען עס ווערט דערצעהלט, דאס מיט דער מוזיק פון זיין לירע פלעגט ער קענען ריה-רען ניט נור מענשען און חיות, נור אויך בוימער און שטיינער.

Or'phic *a.* (אהר'-פיק) ז. *Orphean*.

or'phrey *n.* (אהר'-פרי) גאלד-שטיקעריי; דער בארט אדער ראנד פון א בגד וואס איז אויסגענעהט אדער געשטיקט מיט גאלד.

or'phrey-work *n.* (אהר'-פרי-הווארק) גאלד-שטיקעריי; גאלונעס.

or'piment *n.* (אהר'-פי-מענט) ארפי-מענט [א מין ארסעניק אדער מישיאק. ווערט געברויכט אין מאלעריי אלס געלבע פארב].

or'pin *n.* (אהר'-פין) א רויטליך-געלבע פארב, אראנזש-פארב; דאס האזען-קרויט [א מין גראז מיט קליינע דיקע בלעטער און געלבע בליטהען. וואקסט אויף שטיי-נער און זאמד].

or'pine *n.* (אהר'-פין) ז. *orpin*.

or'rach *n.* (אר'-עטש) ז. *orach*.

or'rery *n.* (אר'-ע-רי) אן אינסטרומענט וואס ווייזט די בעוועגונגען פון די פלא-נעטען. ז. *cosmoscope*.

or'ris-root *n.* (אר'-איס-רוהט) די פלא-רענטישע שווערד-ליליע [אן ארט ציבעל-פלאנצע מיט לאנגע שווערד-פערמיגע בלעטער און מיט רויטע בליהונגען. ווערט קולטיווירט אין גערטנער].

Orris-root

ort *n.* (אהרט) א רעשט; א ברעקעל; דאס וואס בלייבט איבער און מען דארף עס ארויסווארפען.

or'thodox *a.* (אהר'-טהא-דאקס) ארטא-דאקסיש, רעכט-גלויביג; וואס האלט זיך אן די אלטע פעסטגעשטעלטע מיינונגען אדער אן דער אלטער אמונה.

Or'thodox *a.* (אהר'-טהא-דאקס) וואס איז שייך צו דער ארטאדאקסישער אדער-גריכיש-רוסישער קירך.

or'thodoxical *a.* (אהר'-טהא-דאק-סי-קעל) ז. *orthodox*.

or'thodoxly *adv.* (אהר'-טהא-דאקס-לי) אויף אן ארטאדאקסישער ארט; לויט די פרינציפען און פאדערונגען פון פעסטגע-שטעלטע מיינונגען אדער פון דער אלטער אמונה.

or'thodoxy *n.* (אהר'-טהא-דאק-סי) אר-טאדאקסיע, רעכט-גלויביגקייט, דאס האל-טען זיך אן די פרינציפען און פאדערונ-גען פון די אלטע פעסטגעשטעלטע מיינונ-גען אדער פון דער אלטער אמונה.

orthodrom'ic *a.* (אהר-טהא-דראמ'-איק) גראד-לויפיג; וואס איז שייך צו דער קונסט פון זעגלען אין א גלייכער ליניע.

orthodrom'ics *n.* (אהר-טהא-דראמ'-איקס) די גלייך-זעגלונג, די האלב-בויגען-זעגלונג [די קונסט צו זעגלען אין א גליי-כער ליניע אדער אין דער פארם פון א גרויסען האלבען בויגען].

or'thodromy *n.* (אהר'-טהא-דראו-מי) דער גראדער גאנג אדער לויף פון א שיף.

orthoep'ic *a.* (אהר-טהא-עפ'-איק) אר-טאעפיש, וואס איז שייך צו דער ריכטי-גער אויסשפראכע פון ווערטער.

orthoep'ically *adv.* (אהר-טהאו-עפ'-אי-קעל-אי) אויף אן ארטאעפישען שטיי-גער; מיט א ריכטיגער אויסשפראכע פון ווערטער.

or'thoepist *n.* (אהר'-טהא-ע-פיסט) אן ארטאעפיסט, א קענער אדער לעהרער פון ריכטיגער אויסשפראכע פון ווערטער.

or'thoepy *n.* (אהר'-טהא-ע-פי) ארטאע-פיע, די ריכטיגע אויסשפראכע פון ווער-טער; דער טייל פון גראמאטיק, וועלכער פערנעהמט זיך מיט ריכטיגער אויסשפרא-כע פון ווערטער.

or'thogon *n.* (אהר'-טהא-גאן) א רעכט-ווינקעלדיגע אדער גלייך-עקיגע פיגור.

orthog'onal *a.* (אהר-טהאג'-א-נעל) רעכט-ווינקעלדיג, גלייך-עקיג; וואס איז שייך צו א רעכט-ווינקעלדיגער פיגור.

orthog'onally *adv.* (אהר-טאג'-א-נעל-אי) מיט רעכטע, גלייכארטיגע ווינקלען.

orthog'rapher *n.* (אהר-טהאג'-רע-פער) אן ארטאגראפער, איינער וועלכער שרייבט אדער לערנט אויס ריכטיג די ווער-טער.

orthograph'ic *a.* (אהר-טהא-גרעפ'-איק) ארטאגראפיש, וואס געהערט צו דער לעהרע ווי ריכטיג צו שרייבען אדער ריכ-טיג אויסצולעגען; ריכטיג אויסגעלעגט.

orthograph'ical *a.* (אהר-טהא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *orthographic*.

orthograph'ically *adv.* (אהר-טהא-גרעפ'-אי-קעל-אי) לויט די כללים פון אר-טאגראפיע. ז. *orthography*.

orthog'raphist *n.* (אהר-טהאג'-רע-פיסט) ז. *orthographer*.

orthog'raphy *n.* (אהר-טהאג'-רע-פי) ארטאגראפיע, די קונסט צו שרייבען און אויסלעגען ריכטיג ווערטער לויט דער אנ-גענומענער סיסטעם אדער מעטאדע; דער טייל פון גראמאטיק, וועלכער פערנעהמט זיך מיט די כללים פון שרייבען ריכטיג; דאס בעצייכנען מוזיקאלישע טענער מיט בעזונדערע נאטען און שטריכען.

orthom'etry *n.* (אהר-טהאמ'-עט-רי) ארטאמעטריע, די קונסט צו שרייבען שירים לויט די כללים פון דיכטונג.

orthopædi'a *n.* (אהר-טהא-פיע-דאי'-א) ארטאפעדיע, דאס היילען און אויס-גלייכען פערקריפעלטע אדער אויסגעקרומ-טע אברים פון קערפער.

orthopæ'dic *a.* (אהר-טהא-פיע'-דיק) וואס איז שייך צו ארטאפעדיע. ז. *orthopædia*.

or'thopædist *n.* (אהר'-טהא-פיע-דיסט) אן ארטאפעדיסט, איינער וועלכער קען היילען און אויסגלייכען פערקרימטע גליעדער.

or'thopædy *n.* (אהר'-טהא-פיע-די) אר-טאפעדיע. ז. *orthopædia*.

orthope'dic *a.* (אהר-טהא-פי'-דיק) ז. *orthopædic*.

or'thopedist *n.* (אהר'-טהא-פי-דיסט) איינער וואס היילט קאליקע פיס. ז. *orthopædist*.

or'thopedy *n.* (אהר'-טהא-פי-די) *orthopædy* ז.

orthopho'nia *n.* (אהר-טהא-פאו'-ני-א) א ריכטיגע, נארמאלע שטימע.

orthopnœ'a *n.* (אהר-טהאפ-ניע'-א) אן ארט הארץ-קראנקהייט, ווען דער מענש קען אטהעמען נור שטעהענדיגערהייד אדער זיצענדיג גלייך.

or'thoscope *n.* (אהר'-טהא-סקאופ) אן אינסטרומענט צו האלטען וואסער ארום אויג [כדי צו פערמינדערען די שטראהלען-ברעכונג פון הארן-הייטעל און אונטערצוזוכען די אירים אדער רעגענבויגען-הויט]; אן אינסטרומענט אנצוואוארפען אדער אנצוצייכענען די ליניען פון שארבען און פון די אנדערע קאפ-ביינער.

or'tive *a.* (אהר'-טיוו) אויפגעהענד [ווענען א שטערען אדער פלאנעט]; מזרח'דיג, אסטליך.

or'tolan *n.* (אהר'-טא-לען) דער ארטאלאן אדער אווסיאנקע [א קליין זינג-פויגעלע מיט א קורצען אייגנבויגענעם שנאבעל און מיט א געלבען קאפ און בויך].

Ortolan

or'vet *n.* (אהר'-וועט) *blindworm* ז.

orvie'tan *n.* (אהר-ווי-אי'-טען) א מין פראשעק אויסגעמישט מיט האניג אדער סיראפ, ווענען וועלכען מען גלויבט, אז דאס איז א מיטעל געגען סם.

Orvie'to *n.* (אהר-ווי-איי'-טאו) א מין ווייסער וויין, וואס ווערט פראדוצירט ארום ארוויעטא אין איטאליען.

oryc'terope *n.* (א-ריק'-טע-ראופ) *aardvark* ז.

os *n.* (אס) א ביין; אין אנאטאמיע — אן עפנונג פון אן ארגאן [ווי די עפנונג פון דער מוטער-לייב]; אין געאלאגיע — א לאנגער בערג-רוקען פון צוריבענע שטיינער און פעלזען [וואס האט זיך געקוימען, לויט דער השערה, פון דער ווירקונג פון דער אמאליגער אייז-פעריאדע].

O. S. ראשי תבות פון *old style* אדער *Old Saxon*

O'sage or'ange (או'-סעדזש אר'-ענדזש) אן אמעריקאנער הויכער בוים מיט לאנגע וואלגע בלעטער און מיט געלבע פרוכטען וואס זיינען ענליך צו אפעלסינען.

Osage Orange

os'cheal *a.* (אס'-קי-על) וואס איז שייך צום אייער-בייטעל [פון מענליכען געשלעכטס-ארגאן].

oschei'tis *n.* (אס-קי-אי'-טיס) אן ענטצינדונג פון אייער-בייטעל.

os'cheocele *n.* (אס'-קי-א-סיל) א געשווילעכץ אויף'ן אייער-בייטעל.

os'cillancy *n.* (אס'-אי-לען-סי) דאס שוואנקען, דאס וואקלען זיך; דאס שווינגען, דאס שאקלען זיך אהין און אהער [ווי א פערפענדיקעל פון א זייגער].

os'cillate *v.* (אס'-אי-לייט) שווינגען, זיך וויעגען, זיך בעוועגען הין און הער; ציטערען, פלאטערען.

oscilla'tion *n.* (אס-אי-ליי'-שאן) די שווינגונג, די וויעגונג; א שווינגענדע בעוועגונג [ווי דער פערפענדיקעל פון א זייגער].

os'cillator *n.* (אס'-אי-ליי-טאר) עמוואס וואס בעוועגט זיך הין און הער; עמוואס וואס האט א שווינגענדע בעוועגונג [ווי דאס שיפעלע אין א נעה-מאשין, ווי דער פערפענדיקעל פון א זייגער א. ד. ג.].

os'cillatory *a.* (אס'-אי-ליי-טא-רי) שווינגענד, וויעגענד, זיך בעוועגענד הין און הער.

os'citancy *n.* (אס'-אי-טען-סי) דאס גענעצען; שלעפעריגקייט; פוילקייט; נאכלעסיגקייט.

os'citant *a.* (אס'-אי-טענט) גענעצענד, שלעפעריג, פויל, נאכלעסיג.

os'citantly *adv.* (אס'-אי-טענט-לי) גענעצענדיג; אויף א שלעפעריגען, פוילען אדער נאכלעסיגען אופן.

os'citate *v.* (אס'-אי-טייט) גענעצען; זיין שלעפעריג אדער פויל.

oscita'tion *n.* (אס-אי-טיי'-שאן) דאס גענעצען; דאס זיין שלעפעריג, פויל אדער נאכלעסיג.

os'culant *a.* (אס'-קיו-לענט) אין ביאלאגיע — בעריהרענד [ווענען צוויי גרופען חיות אדער פלאנצען, וואס שטעהען הארט איינע נעבען דער אנדערער אין דער קייט פון אבשטאמונג אדער ענטוויקלונג]; קושענד.

os'culate *v.* (אס'-קיו-לייט) קושען; אין געאמעטריע — זיך נאהענט בעריהרען [ווענען צוויי געאמעטרישע פיגורען]; אין נאטור-וויסענשאפט — האבען דעם כאראקטער אדער אייגענשאפטען פון אן אנדער גרופע.

oscula'tion *n.* (אס-קיו-ליי'-שאן) אין געאמעטריע — א נאהענטע בעריהרונג פון צוויי געאמעטרישע פיגורען; דאס קושען; א קוש.

os'culatory *a.* and *n.* (אס'-קיו-ליי-טא-רי) קושענד; בעריהרענד; אין די קאטוילישע קירכען — א קליינע איקאנע מיט א צלם, וועלכע דער גלח און די אנוועזענדע אין קירך קושען אין דער צייט פון מעסע אדער גאטעס-דיענסט.

o'sier *n.* and *a.* (או'-זשער) די קארב-ווייִדע אדער ווערבע [איינער פון די פערשיעדענארטיגע מינים ווייִדע-בוימער, וועלכע וואקסען מייסטענס ביי טייכלעך. פון די רימלעך און צווייגלעך פון דיזען בוים מאכט מען קערב]; וואס איז געמאכט פון דער קארע אדער צווייגלעך פון א קארב-ווייִדע אדער ווערבע.

o'sier-bed *n.* (או'-זשער-בעד) *osier-holt* ז.

o'siered *a.* (או'-זשערד) בעדעקט אדער בעוואקסען מיט קארב-ווייִדען אדער ווערבעס; בעדעקט מיט א פלעכטונג פון ווערבע-רימלעך.

o'sier-holt *n.* (או'-זשער-האולט) אן ארט וואו מען פלאנצט קארב-ווייִדען אדער ווערבעס, כדי צו בעקומען פון זיי די קארע און צווייגען פאר קארב-ארבייט.

o'sier-pee'ler *n.* (או'-זשער-פיע'-לער) א מאשין אראבצורייסען די קארע פון קארב-ווייִדען אדער ווערבעס.

Osi'rian *a.* (א-סאי'-רי-ען) וואס איז שייך צו אזירים. *Osiris* ז.

Osi'ris *n.* (א-סאי'-רים) אזירים [איינער פון די אלט-עגיפטישע הויפט-געטער. די פערקערפערונג פון גוטעס און פון זונשיין]; אין זאאלאגיע — א מין אינזעקטען מיט הייטעל-פערמיגע פליגלען.

Osman'li *a.* and *n.* (אס-מען'-לי) וואס איז שייך צו דער טערקישער מלוכה; א טערק וואס איז אן אונטערטהאן פון טערקישען סולטאן.

os'mium *n.* (אס'-מי-אם) דאס אסמיום [א כעמישער גרונד-עלעמענט. איינער פון די פלאטינא-מעטאלען].

os'mograph *n.* (אס'-מא-גרעף) אן אינסטרומענט, וועלכער פערצייכענט די שטארקייט אדער געשווינדקייט, מיט וועלכער איין פליסיגקייט מישט זיך אויס מיט אן אנדערער [ווען זיי ביידע זיינען אבגעטיילט איינע פון דער אנדערער מיט א הייטעל].

osmol'ogy *n.* (אס-מאל'-א-דזשי) די לעהרע ווענען ריחות און ווי אזוי דער מענש בעגרייפט זיי דורך'ן חוש-הריח; דאס שטודירען די ערשיינונג ווי אזוי צוויי פליסיגקייטען, וועלכע זיינען אבגעטיילט איינע פון דער אנדערער מיט א הייטעל, מישען זיך אויס.

osmom'eter *n.* (אס-מאם'-ע-טער) אן אפאראט אויסצומעסטען די געשווינדקייט, מיט וועלכער איין פליסיגקייט מישט זיך אויס מיט א צווייטער; אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון חוש-הריח.

osmon'osus *n.* (אס-מאנ'-א-סאס) אן אוננארמאליטעט אדער קראנקהייט פון חוש-הריח.

os'mose *n.* (אס'-מאוס) *osmosis* ז.

osmo'sis *n.* (אס-מאו'-סיס) די נייגונג פון פליסיגקייטען דורכצודרינגען דורך א הייטעל און אויסמישען זיך; דאס אויסמישען זיך פון צוויי פליסיגקייטען, וועלכע זיינען אבגעטיילט איינע פון דער אנדערער מיט א הייטעל.

os'prey *n.* (אס'-פריי) דער ים-אדלער [א גרויסער רויב-פויגעל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש].

Osprey

os'selet *n.* (אס'-ע-לעט) א קליין ביינדעל; א הארטער שטאף וואס וואקסט אן פון דער אינערליכער זייט פון א פערד'ס קניע; די קאלכיגע הארטע פלעבע פון טינט-פיש. *cuttlefish* ז.

os'seous *a.* (אס'-אי-אס) ביינִיג, פון ביין, פון קנאכען; ביינערדיג, ווי ביין.

os'seously *adv.* (אס'-אי-אס-לי) בנוגע צו ביינער.

os'sicle *n.* (אס'-איקל) [ווי א ביינדעלע] דאס קליינע ביינדעלע פון אויער א. ד. ג.]; א קליין שטיקעלע פערהארטעוועטער שטאף, וואס איז ענהליך צו א ביינדעל.

os'sicule *n.* (אס'-אי-קיול) ז. *ossicle*.

ossif'erous *a.* (א-סיפ'-ע-ראס) ביינִיג; וואס ענטהאלט ביינער.

ossif'ic *a.* (א-סיפ'-איק) פערביינערענד, וואס האט קראפט צו פערוואנדלען אין ביין.

ossifica'tion *n.* (אס-אי-פי-קיי'-שאן) די פערביינערונג, די פערוואנדלונג אין ביין.

os'siform *a.* (אס'-אי-פארם) ביין-פער-מיג; וואס איז ענהליך צו א ביין.

os'sifrage *n.* (אס'-אי-פריידזש) ז. *osprey*.

os'sify *v.* (אס'-אי-פאי) פערביינערען, פערוואנדלען אין ביין; ווערען ביינִיג.

ossiv'orous *a.* (א-סיוו'-א-ראס) עסט אדער ערנעהרט זיך פון ביינער.

os'suary *n.* (אס'-יו-ע-רי) א הויז אדער כלי, אין וועלכער עס ליעגען ביינער פון מתים.

os'teal *a.* (אס'-טי-על) ביין-ביינִיג; ביין-פערמִיג; ענהליך צו א ביין.

ostei'tis *n.* (אס-טי-אי'-טיס) א ביין-ענטצינדונג.

ostensibil'ity *n.* (אס-טען-סי-ביל'-אי-טי) די ציינבארקייט, די בעשיינפערליכ-קייט, די אויגענשיינליכקייט.

osten'sible *a.* (אס-טען'-סיבל) אויגענ-שיינליך, בעשיינפערליך, ציינבאר.

osten'sibly *adv.* (אס-טען'-סי-בלי) בעשיינפערליך, אויף א ציינבארען אופן.
Ostensibly he acts as if he no longer cares for my friendship.

osten'sive *a.* (אס-טען'-סיוו) אנציינענד, אנדייטענד; אנווייזענד.

osten'sively *adv.* (אס-טען'-סיוו-לי) ז. *ostensibly*.

ostenta'tion *n.* (אס-טען-טיי'-שאן) דאס אויסשטעלען זיך; דאס ווארפען זיך אין די אויגען; בעריהמעריי, פראהלעריי.
Though very rich, they live modestly without ostentation.

ostenta'tious *a.* (אס-טען-טיי'-שאס) זיך אויסשטעלענד, ווארפענדיג זיך אין די אויגען; בעריהמעריש, פראהלעריש.
Some nationalities are noted for their love of ostentatious display of wealth.

ostenta'tiously *adv.* (אס-טען-טיי'-שאס-לי) זיך אויסשטעלענדיג; ווארפענ-דיג זיך אין די אויגען; מיט בעריהמעריי.

ostenta'tiousness *n.* (אס-טען-טיי'-שאס-נעס) דאס אויסשטעלען זיך; בע-ריהמעריי; פראהלעריי.

os'teoclast *n.* (אס'-טי-א-קלעסט) א כירורגישער אינסטרומענט איבערצוברע-כען א ביין, ווען מען דארף אויסגליי-כען א צוקרימטען אבר.

osteocol'la *n.* (אס-טי-א-קאל'-א) דער קויהלען-זויערער קאלך [א מין קאלך, וואס וואקסט אן ווי א קארע אויף געוויסע בוימער. אמאל האט מען געהאלטען, אז מיט דיעזען קאלך קען מען כלומר'שט צו-זאמענקלעפען א צובראכענעם ביין]; ביין-קליי, א מין קליי וואס ווערט ארויסגע-צויגען פון ביינער.

os'teocope *n.* (אס'-טי-א-קאופ) א וועהטאג אין די ביינער.

osteogen'esis *n.* (אס-טי-א-דזשען'-ע-סיס) די אויסבילדונג פון ביינער; די פערביינערונג.

osteogen'esy *n.* (אס-טי-א-דזשען'-ע-סי) ז. *osteogenesis*.

osteogenet'ic *a.* (אס-טי-א-דזשי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו דער ביל-דונג פון ביינער.

osteogen'ic *a.* (אס-טי-א-דזשען'-איק) וואס ענטוויקעלט אדער מאכט וואקסען ביינער.

osteog'eny *n.* (אס-טי-אדזש'-ע-ני) ז. *osteogenesis*.

osteog'raphy *n.* (אס-טי-אג'-רע-פי) אסטעאגראפיע, די ביינער-בעשרייבונג, די קנאכען-בעשרייבונג.

os'teoid *a.* (אס'-טי-איד) ביינִיג; ענה-ליך צו א ביין.

os'teolite *n.* (אס'-טי-א-לאיט) אסטעא-ליט [אן ערד-מאסע וואס ענטהאלט אין זיך פאספאר-זויערע קאלך. ווערט בענוצט צו בעמיסטיגען פעלדער].

osteol'oger *n.* (אס-טי-אל'-א-דזשער) אן אסטעאלאג, א קענער פון דער לעהרע וועגען ביינער.

osteolog'ic *a.* (אס-טי-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו אסטעאלאגיע [די לעה-רע וועגען ביינער].

osteolog'ical *a.* (אס-טי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *osteologic*.

osteolog'ically *adv.* (אס-טי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) לויט די כללים פון אסטעאלאגיע [די לעהרע וועגען ביינער].

osteol'ogist *n.* (אס-טי-אל'-א-דזשיסט) ז. *osteologer*.

osteol'ogy *n.* (אס-טי-אל'-א-דזשי) אסטעאלאגיע, די לעהרע וועגען ביינער.

osteomyeli'tis *n.* (אס-טי-א-מאי-ע-לאי'-טיס) א ביינער-מארך ענטצינדונג.

osteomy'elon *n.* (אס-טי-א-מאי'-ע-לאן) דער מארך פון די ביינער.

osteot'omy *n.* (אס-טי-אט'-א-מי) אין כירורגיע — די צושניידונג פון א ביין, די איינשניידונג אין א ביין.

os'tiary *n.* (אס'-טי-ע-רי) דער שמש פון א קירך אדער קלויסטער; דער אויס-גוס פון א טייך.

os'tiole *n.* (אס'-טי-אול) א קליינע עפ-נונג.

osti'olum *n.* (אס-טאי'-א-לאם) אין באטאניק און זאאלאגיע — א קליינע עפ-נונג.

osto'sis *n.* (אס-טאו'-סיס) די פערביינע-רונג, די פערוואנדלונג אין ביין.

os'tracise *v.* (אס'-טרע-סאיז) ז. *ostracize*.

os'tracism *n.* (אס'-טרע-סיזם) אין אלט-גריכענלאנד — דער אסטראקיזם, דאס פער-טרייבען אדער ארויסשיקען פון פאטער-לאנד א בירגער, מיט וועלכען א גרויסע צאהל בירגער זיינען אונצופריעדען; דאס אויסשליסען אדער פערטרייבען פון דער געזעלשאפט.

os'tracize *v.* (אס'-טרע-סאיז) 1. פער-שיקען, ארויסשיקען אדער פערטרייבען פון דער געזעלשאפט [אלס שטראף]; 2. פער-דאמען; ניט האבען קיין מגע-ומשא.
2. A divorced woman is often socially ostracized in certain cities.

os'treiform *a.* (אס'-טרי-אי-פארם) אויסטער-פערמיג; ענהליך צו אן אויסטער [אוסטריצע].

ostreoph'agist *n.* (אס-טרי-אפ'-ע-דזשיסט) אן אויסטער-עסער; איינער אדער עפעס וואס ערנעהרט זיך מיט אויסטערען.

os'trich *n.* (אס'-טריטש) דער שטרויס-פויגעל [זעהר א גרויסער פויגעל ביז 5 פוס הויך מיט א לאנגען האלז און לאנגע פיס מיט צווייא פינגער. ער קען ניט פליהען נאר לויפט זעהר שנעל. האלט זיך אויף אין די גרויסע אפריקאנישע מדבריות און ווערט הויך געשעצט פאר זיינע טייערע פעדערען].


Ostrich

os'trich-farm *n.* (אס'-טריטש-פארם) אן ארט וואו מען האדעוועט שטרויס-פויג-לען צו בעקומען זייערע פעדערען.

os'trich-feath'er *n.* (אס'-טריטש-פעטה'-ער) א שטרויס-פעדער, א פעדער פון א שטרויס-פויגעל.

os'trich-plume *n.* (אס'-טריטש-פלוהם) ז. *ostrich-feather*.

O. T. *Old Testament* ראשי תבות פון

otacous'tic *a. and n.* (או-טע-קוהס'-טיק) וואס העלפט הערען; אן אינסטרו-מענט וועלכער העלפט צום הערען.

otal'gia *n.* (א-טעל'-דזשי-א) א וועהטאג אין די אויערען; אויערען-שמערץ.

otal'gic *a. and n.* (א-טעל'-דזשיק) וואס איז שייך צו אויערען-וועהטאג; א רפואה צו אויערען-וועהטאג.

otal'gy *n.* (א-טעל'-דזשי) ז. *otalgia*.

oth'er *pr., a. and adv.* (אטה'-ער) דער אנדערער, די אנדערע, דאס אנדערע; אנ-דערע; א צווייטער, א צווייטע; וואס איז דער צווייטער אדער די צווייטע; וואס איז דער אנדערער; אנדערש; אויף אן אנדע-רען אופן.

oth'er day (*the*) (אטה'-ער דיי) דא ניט לאנג; ערשט די טעג; מיט א פאר טעג צוריק.
He called on me the other day.

oth'erward *adv.* (אטה'-ער-הווארד) אין אן אנדער ריכטונג.

oth'erways *adv.* (אטה'-ער-הוויז) ז. *otherwise*.

oth'erwhere *adv.* (אטה'-ער-הוועהר) אנדערשוואו.

oth'erwhile *adv.* (אטה'-ער-הוואיל) ביי אן אנדער צייט; פריהער; ווען ניט איז.

oth'erwise *adv. and c.* (אטה'-ער-הוואיז) אנדערש; אויף אן אנדער אופן; אין אן אנדער בעציהונג; ביי אנדערע בע-דינגונגען; ווען ניט; זאנסט.

oth'er world (*the*) (אטה'-ער הווארלד) יענע וועלט.

oth'er-world *a.* (אטה'-ער-הווארלד)

וואס איז שייך צו יענער וועלט; פון יענער וועלט; ניט פון דער ערד.

oth′erworldliness *n.* (אטה′-ער-הוואירלד-לי-נעס) דאס זיין פון יענער וועלט; גייסטיגקייט; אונקערפערליכקייט; דאס אבגעבען זיך מיט עולם-הבא-זאכען.

oth′erworldly *a.* (אטה′-ער-הוואירלד-לי) וואס גיט זיך אב מיט עולם-הבא-זאכען; וואס פיהרט זיך אויף אזוי, כדי צו האבען עולם-הבא.

Oth′man *a. and n.* (אטה′-מען) ז. ***Ottoman***

Oth′manee *a.* (אטה′-מענ-אי) אטאמאניש, טערקיש.

o′tic *a.* (או′-טיק) וואס איז נעבען אויער; וואס איז שייך צום געהער-ארגאן.

o′tiose *a.* (או′-שי-אוס) רוהענד; אונבעשעפטיגט; פויל; וואס איז געמאכט געווארען שפיעלענדיג, צוליעב צייט-פערטרייב; ניט וויכטיג, אונניציג.

otios′ity *n.* (או-שי-אס′-אי-טי) דאס גארנישט טהאן; דאס זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד; דאס זיין ניט פערנומען; פוילקייט; לעדיגקייט.

oti′tis *n.* (א-טאי′-טיס) אן אויער-ענטצינדונג.

otodyn′ia *n.* (או-טא-דינ′-אי-א) א וועהטאג אין אויער.

otolog′ical *a.* (או-טא-לאדזש′-אי-קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע וועגען אויערען און אויערען-קראנקהייטען.

otol′ogist *n.* (א-טאל′-א-דזשיסט) אן אטאלאגיסט, איינער וואס שטודירט די אנאטאמיע, פיזיאלאגיע און פאטאלאגיע פון אויער.

otol′ogy *n.* (א-טאל′-א-דזשי) אטאלאגיע, די לעהרע וועגען אויערען און אויערען-קראנקהייטען.

otop′athy *n.* (א-טאפ′-ע-טהי) אויערען-קראנקהייט.

o′tophone *n.* (או′-טא-פאון) אן אויערען-טרובע.

otorrha′gia *n.* (או-טא-ריי′-דזשי-א) א בלוט-פלוס פון אויער.

o′toscope *n.* (או′-טא-סקאופ) אן אויערען-שפיעגעל [אן אינסטרומענט צום אונטערזוכען די אויערען].

o′toscopy *n.* (או′-טא-סקאו-פי) א מעדיצינישע אונטערזוכונג פון די אויערען.

oto′sis *n.* (א-טאו′-סיס) א שלעכטער געהער.

otot′omy *n.* (א-טאט′-א-מי) די אנאטאמיע פון אויער, די צוגליעדערונג פון דעם אויער.

ot′tar *n.* (אט′-ער) רויזען-אויל. ז. ***attar***

ot′ter *n.* (אט′-ער) דער פיש-אטער אדער ווידרא [א קליין חיה′לע, וואס האלט זיך אויף ביי די ברעגעס פון טייכען און ימים און ערנעהרט זיך מיט פיש. די אטער-פעל איז זעהר טייער]; די לארווע פון געוויסע אינזעקטען; א געוויסע ווענטקע, וועלכע ווערט געברויכט אין די פערייניגטע שטאאטען צו כאפען פיש; א נעוויסער מין שעפסען.

Otter

ot′ter-dog *n.* (אט′-ער-דאג) דער אטער-הונד [א מין יאגד-הונד].

Ot′toman *a. and n.* (אט′-א-מען) אטאמאניש, וואס איז שייך צו דער אטאמאנישער אדער טערקישער מלוכה; די אטאמאנען אדער טערקען.

ot′toman *n.* (אט′-א-מען) אן אטאמאנקע [א מין ברייטער ווייכער דיוואן אדער זאפא].

oubliette′ *n.* (אוה-בלי-עט′) א פינסטערע פערבארגענע תפיסה אין א וואנד פון א מיטעלאלטערליכען שלאס [דארט פלעגט מען אריינווארפען מענשען, וועלכע זיינען פעראורטיילט געווארען צו לעבענסלענגליכען געפענגנים].

ouch *int. and n.* (אוטש) אי! אך! [אן אויסגעשריי פון שמערץ]; א גאלד-ציערונג; א בראש, א שפאנגע.

ought *v. and n.* (אהט) 1. דארפען, זאלען, מוזען; א מוז; 2. עטוואס, עפעס; וואס-עס-איז; 3. א נול; א גארנישט.

1. You **ought** to take care to pronounce your consonants more distinctly.

ounce *n.* (אונס) אן אונץ [א געוויכט וואס ענטהאלט $\frac{1}{16}$ פון א פונט]; די אונצע [א מין לעמפערט וואס האלט זיך אויף זעהר הויכע בערג].

Ounce

our *pr.* (אור) אונזער, אונזערער.

ours *pr.* (אורז) אונזערער, דער אונזעריגער.

Ours is the land of promise.

ourself′ *pr.* (אור-סעלף′) מיר אליין, מיר זעלבסט; אונז.

ourselves′ *pr.* (אור-סעלווז′) מיר אליין, מיר זעלבסט; אונז.

ou′sel *n.* (אוהזל) ז. ***ouzel***

oust *v. and n.* (אוסט) פערטרייבען, ארויסטרייבען; ארויסשטויסען פון דעם בעזיץ פון גיטער; אן אויוועז צו טריקענען האפען אדער מאלץ.

ous′ter *n.* (אוס′-טער) די ארויסטרייבונג, דאס ארויסשטויסען אדער ארויסשטופען פון בעזיץ.

out *adv., prep., a., n. and v.* (אוט) 1. ארויס, אויס; 2. אין דער עפענטליכקייט; אין געזעלשאפט; 3. עקזיסטירענדיג; 4. אבוועזענד, אויסגעגאנגען, ניטא, ניט צו הויז; 5. ענג [אין געלד], פעהלענד; 6. אונגעשיקט; 7. אויס מאדע; 8. אבגעריסען, אין לומפען, נאקעט; 9. אויפגעדעקט; 10. ניט ריכטיג, ניט אין איינקלאנג; 11. צוטומעלט; 12 פערענדיגט, צו ענדע; 13. אבגערייזט, אוועקגעגאנגען, אויף א רייזע, אויף א מארש; 14. אויסען, אויסערליך; אויסגעשפיעלט; אויסגעשלאסען; 15. עטוואס וואס איז אויסערליך אדער אויסגעשלאסען פון עפעס; ערלויבניס צו מאכען אן עקסקורסיאן אדער אויספלוג; אן עקסקורסיאן אדער אויספלוג; 16. אויסשליסען, ארויסווארפען, פערטריבען; ארויסנעהן, אוועקנעהן, זיך אבטראגען, זיין אויסגעשלאסען; זיין בעזייטיגט אדער אויפגעדעקט, ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט.

1. All the stars are **out**. 3. He is the meanest man **out**. 4. The book is **out** at the library. 5. He is **out** ten dollars. 10. He is **out** in his guess.

outact′ *v.* (אוט-עקט′) 1. איבערשטייגען; 2. האנדלען אפען און מוטיג.

1. All his tricks were **outacted**.

out and away′ (אוט ענד ע-הוויי′) אין א זעהר הויכען גראד; זעהר.

New York is **out and away** the most prosperous city in the country.

out′-and-out′ *adv. and a.* (אוט′-ענד-אוט′) דורך און דורך, פאלשטענדיג, אבסאלוט, עכט.

It was an **out-and-out** swindle.

out and out (אוט ענד אוט) דורך און דורך, פאלשטענדיג, אבסאלוט.

out′-and-ou′ter *n.* (אוט′-ענד-או′-טער) א געשיקטער, פערלעסליכער מענש.

out′-at-el′bows *a.* (אוט′-עט-על′-באוז) אויסגעריבען, אבגעריבען, אבגענוצט, אויסגעדראשען.

His writings are based on an **out-at-elbows** theory.

out at el′bows (אוט עט על′-באוז) מיט לעכער אויף די עלענבויגענס; אבגעריסען; אין שלעכטע אומשטענדען.

out at heels (אוט עט היעלז) מיט די פיאטעס אין דרויסען, אין צוריסענע שיך אדער זאקען.

outbal′ance *v.* (אוט-בעל′-ענס) אריבערוועגען.

outbar′ *v.* (אוט-באר′) אויסשליסען; אבשפארען.

outbar′gain *v.* (אוט-באר′-גען) אויסדינגען בעסערע בעדינגונגען, אויסדינגען א מציאה ביים צווייטען.

The parties try to **outbargain** each other.

outbid′ *v.* (אוט-ביד′) איבערבאטען, באטען מעהר, איבערשטייגען אין באטען.

otubid′der *n.* (אוט-ביד′-ער) אן איבערבאטער, איינער וואס באט מעהר.

outblast′ *v.* (אוט-בלעסט′) עקספלאדירען.

outblaze′ *v.* (אוט-בלייז′) אריבערשטראהלען; ארויספלאקערען; ארויספלאמען.

out′blaze *n.* (אוט′-בלייז) אן ארויסשיינונג, אן ארויספלאמונג.

out′blown *a.* (אוט′-בלאון) אויפגעבלאזען, אויפגעשוואלען.

outblush′ *v.* (אוט-בלאש′) איבערטרעפען אין ראזעווען קאליר.

out′board *a. and adv.* (אוט′-באורד) אויסערליך [אויף א שיף]; נאך אויסען, אויסער דעם בארט [פון א שיף].

outbound′ *v.* (אוט-באונד′) איבערשטייגען אין שנעלקייט אדער טעטיגקייט.

out′bound *a.* (אוט′-באונד) געריכטעט נאך אויסען; בעשטימט פאר אויסלאנד, וואס געהט נאך אויסלאנד [וועגען א שיף].

out′bounds *n.* (אוט′-באונדז) די ווייטסטע גרענעצען.

out′bowed *a.* (אוט′-באוד) ארויסגעבויגען, געבויגען נאך אויסען.

outbrag′ *v.* (אוט-ברעג′) איבערשטייגען אין בערימען זיך; איבערטרעפען אין מוטה.

outbrave′ *v.* (אוט-ברייוו′) איבערשטייגען אין דרייסטקייט.

outbra′zen *v.* (אוט-בריי′זן) איבערשטייגען אין אונפערשעמטהייט, איבערטרעפען אין עזות.

out′break *n.* (אוט′-ברייק) אן אויסברוך; אן אויפרוהר.

outbreak′ *v.* (אוט-ברייק′) אויסברעכען, אויספלאצען.

out′breaker *n.* (אוט′-בריי-קער) א כוואליע וואס קלאפט זיך אב אן ברעג.

out'breaking *n.* (אוט'-ברייִ-קינג) ז. *outbreak*

outbreathe' *v.* (אוט-בריעטה') אויסמאַ-טערן, לאָזן אַהן אָטהעם; אויסאָטהעמען.

outbring' *v.* (אוט-ברינג') אַרויסברייני-גען; אַרויסזאָגן, אויסדריקען.

outbud' *v.* (אוט-באַד') אַרויסשפּראָצען, אָנהויבען אַרויסצושפּראָצען [וועגען די שפּראָץ-אויגעלעך אָדער קנאָספּען].

outbuild' *v.* (אוט-בילד') איבערטרעפען מיט דעם געבוי אָדער מיט דער שטאַר-קייט פון דעם געבוי.

out'building *n.* (אוט'-ביל-דינג) אַן אויסערע געביידע, אַ נעבען-געביידע.

outburn' *v.* (אוט-בוירן') אויסברענען, פערברענט ווערען; איבערשטייגען אין ברענען, ברענען לענגער.

outburst' *v.* (אוט-בוירסט') אויספּלאַ-צען.

out'burst *n.* (אוט'-בוירסט) אַן אויספּלאַ-צונג, אַן אויסברוך.

out'by *adv.* (אוט'-באַי) אין דער ריכ-טונג צום אַרויסגאַנג פון אַ שאַכט [מינע].

out'bye *adv.* (אוט'-באַי) ז. *outby*

outcar'ry *v.* (אוט-קער'-אי) אַרויספירען, עקספּאָרטירען.

outcast' *v.* (אוט-קעסט') אַרויסוואַרפען, וועקוואַרפען; פערוואַרפען; פערשטויסען, פעריאָגען, פערטרייבען.

out'cast *a. and n.* (אוט'-קעסט) אַרויס-געוואָרפען, וועקגעוואָרפען; פערשטויסען, פערטריבען, פעריאָגט; פערלאָזען, עלענד, פעראַכטעט; איינער וואָס ווערט פערטרי-בען [פון אַ לאַנד]; אַ פערשטויסענער [פון דער געזעלשאַפט]; אַן אויסוואורף.

out'caste *n.* (אוט'-קעסט) איינער וואָס איז פערשטויסען פון אַ קאַסטע [אין אינ-דיען]. ז. *caste*

outch *int.* (אוטש) אוי, אַך! [אַן אויס-געשריי פון ווערטאָג].

outchase' *v.* (אוט-טשייס') פעריאָגען, פערטרייבען.

outcheat' *v.* (אוט-טשיעט') אַריבער-שווינדלען.

outclass' *v.* (אוט-קלעס') איבערטרעפען אין ראַנג, מאַכט, געשיקטקייט א. ז. וו.
As a swimmer he easily outclassed his play-mates.

out'clearance *n.* (אוט'-קליער-ענס) דאָס פערלאָזען אַ האַפען.

outclimb' *v.* (אוט-קלאַים') אַריבערקלע-טערן אימעצען, אַריבערשטייגען.

out'come *n.* (אוט'-קאַם) אַן אויסגאַנג, אַ פועל-יוצא, אַ רעזולטאַט.
The outcome of the war is uncertain.

outcom'pass *v.* (אוט-קאָמ'-פּעס) געהן צו ווייט, אַריבערכאַפּען די מאָס, אַריבער-געהן די בעשטימטע גרענעצען.

outcraf'ty *v.* (אוט-קרעפ'-טי) איבער-כיטרעווען.

out'crier *n.* (אוט'-קראַי-ער) אַן אויס-רופער, אַן אויסשרייער [הויפּטזעכליך אויף אַן אויספערקויף]; אַן אויקציאָנער.

out'crop *n. and v.* (אוט'-קראָפּ) דאָס אַרויסטעהן זיך פון אויבען [וועגען אַ מי-נעראַל-אָדער, אָדער וועגען אַן ערד-שיכט]: זיין פון אויבען אָדער אויף דער אויבער-פלעכע [וועגען אַ מינעראַל-אָדער, אָדער וועגען אַן ערד-שיכט].

out'cry *n.* (אוט'-קראַי) אַ געשריי, אַ ליאַרם, אַ טומעל; אַן אויסגעשריי, אַ גע-שריי פון ווערטאָג אָדער פּראָטעסט; אַן אויקציאָן, אַ ליציטאַציע.

outcry' *v.* (אוט-קראַי') אַריבערשרייען; אַריבערשטייגען, איבערטרעפען.

out'-cut *a.* (אוט'-קאַט) אויסגעשניטען, אויסגעשניטען.

outdare' *v.* (אוט-דעהר') איבערשטייגען אין געוואַגטקייט; בייקומען דורך געוואַגט-קייט; שטעלען זיך געגען.

outdid' (אוט-דיד') איבערגעטראָפען, אי-בערגעשטיגען. ז. *outdo*

outdis'tance *v.* (אוט-דיס'-טענס) אַרי-בעריאָגען; אין וועט-לויף פון פערד — קו-מען צום ציעל, ווען דאָס צווייטע פערד איז בלויז ביי דער "דיסטאַנץ". ז. *distance*

outdo' *v.* (אוט-דו') איבערטרעפען, אי-בערשטייגען.

outdone' (אוט-דאַן') איבערטראָפען. ז. *outdo*

out'door *a. and n.* (אוט'-דאָור) 1. וואָס איז אויסער'ן הויז, אין דרויסען אָדער אונטער'ן פרייען הימעל; 2. בעזאָרגט ניט אין אַן אנשטאַלט, נאָר אין דער היים [ווי אָרימע, וועלכע מען האַלט ניט אין הקדש, נאָר מען גיט זיי קצבה אהיים]; 3. אוי-סערליך [ביי פּומפּ-מאַשינען]; 4. אַן אויסען-טהיר, אַ דרויסען-טהיר.
1. Outdoor amusements are very healthy. 2. Our city gives outdoor relief. 3. The outdoor stroke of the engine.

out'door relief' (אוט'-דאָור רי-ליעף') אויסערליכע שטיצע, הויז-אונטערשטיצונג [פון אָרימע, וואָס זיינען ניט אין אַן אַנ-שטאַלט].

outdoors' *adv. and n.* (אוט-דאָורז') 1. אויף דער פרייער לופט, אונטער'ן פריי-ען הימעל, אויסער'ן הויז; 2. דער דרויסען; די דרויסענדיגע לופט.
1. Outdoors is nature's play ground. 2. Outdoors seemed terrible to those who looked out of the windows.

outdrink' *v.* (אוט-דרינק') איבערטרע-פען אין טרינקען.

ou'ter *a. and n.* (או'-טער) אויסער, אויסערסט, אויסערליך; די טיילען פון אַ ציעל-ברעט אַרום דעם ציעל-פּונקט; אַ שאָס אין דיזע טיילען; אַן אַרויסטרייבונג, אַן אַרויסשטעלונג [פון אַ וואָהנונג אָדער בעזיץ].

ou'ter bar (או'-טער באַר) — אין ענגלאַנד די יונגע אַדוואָקאַטען, וואָס ווערען נאָך ניט צוגעלאָזען צום געריכט.

ou'ter bar'rister (או'-טער בער'-יס-טער) אין ענגלאַנד — אַ יונגער אַד-וואָקאַט, וואָס ווערט נאָך ניט צוגעלאָזען צום געריכט.

ou'ter gar'ment (או'-טער גאַר'-מענט) אַן אויבער-קלייד, אַן אויבעררָאָק, אַן איבערמאַנטעל.

ou'terly *adv.* (או'-טער-לי) נאָך אויסען, צו דער אויסען-זייט.

ou'termost *a.* (או'-טער-מאָוסט) אוי-סערסט.

outface' *v.* (אוט-פייס') מוטיג זיך אַנט-קעגען שטעלען; ברייגנען אין פערלעגענ-הייט דורך אַ שטאָלצען בליק; בעגעגענען מיט העזה אָדער אונפערשעהמטקייט.

out'fall *n.* (אוט'-פאָהל) דער אויסגוס פון אַ טייך, רינע א. ז. וו.; דער פּלאַץ וואו איין טייך פאַלט אַריין אין צווייטען, אין אַן אָזערע אָדער ים.

out'field *n.* (אוט'-פיעלד) דער אויסער-ליכער טייל פון אַ באַל-שפּיעל פּלאַץ; פערמע-לאַנד, וואָס געפינט זיך ווייט פון דער וואָהנונג; אַ וויסטע, אונבעשטימטע געגענד אָדער געביעט.

out'-fiel'der *n.* (אוט'-פיעל'-דער) אין באַל-שפּיעל — איינער וואָס שטעהט אין דעם אויסערליכען טייל פון שפּיעל-פּלאַץ.

out'fit *n. and v.* (אוט'-פיט) 1. אויס-שטאַטונג; 2. אַן אנשטאַלט; אַ געשעפט, אַן אונטערנעהמונג; 3. אַ גרופּע מענשען [וואָס בעשעפטיגען זיך מיט עפּעס, וואָס פערוואַלטען עפּעס א. ז. וו.]; 4. אויס-שטאַטען, בעזאָרגען מיט אַלעם נויטיגען.
1. He bought a fishing outfit. 3. I have no use for the entire outfit of the party's leaders.

out'fitter *n.* (אוט'-פיט-ער) אַן אויס-שטאַטער.

out'fitting *n.* (אוט'-פיט-אינג) אויס-שטאַטונג [הויפּטזעכליך פאַר אַ רייזע].

outflank' *v.* (אוט-פלענק') זיך פער-שפּרייטען אַריבער דעם פלאַנג [די זייטען-טיילען פון אַן אַרמעע]; בעקומען די אוי-בערהאַנד.

out'-fling *n.* (אוט'-פלינג) אַ סאַרקאַזם, אַ שפּאַס, אַ שטעכיגע בעמערקונג.

outflew' (אוט-פלוה') איבערגעשטיגען אין פליהען; אַנטרינען דורך אַ גרעסערער שנעלקייט; אַרויסגעפלויגען, פּלוצלונג ער-שינען. ז. *outfly*

out'flow *n.* (אוט'-פלאָו) אַן אויספלוס, אַן אויסגוס.

outflow' *v.* (אוט-פלאָו') אַרויספליסען.

outfly' *v.* (אוט-פלאַי') איבערשטייגען אין פליהען; אַנטרינען דורך אַ גרעסע-רער שנעלקייט; אַרויספליהען, פּלוצלונג ערשיינען.

outfoot' *v.* (אוט-פוט') אַריבערשטייגען אין שנעלקייט.

outfrown' *v.* (אוט-פראַון') ברייגנען אין פערלעגענהייט, צווינגען אַראָבצולאָזען די אויגען, נידערשלאָגען דורך אַ בייזען בליק.

outgen'eral *v.* (אוט-דזשענ'-ע-רעל) איבערטרעפען אין קריעגס-טאַקטיק, אי-בערשטייגען אַלס גענעראַל.

outglare' *v.* (אוט-גלעהר') איבערשטיי-גען אין גלאַנץ.

outgo' *v.* (אוט-גאָו') איבערטרעפען אין געהן; איבערטרעפען, איבערשטייגען.

out'go *n.* (אוט'-גאָו) עטוואָס וואָס געהט אַרויס אָדער פליסט אַרויס; הוצאות, אויסגאַבען.

out'goer *n.* (אוט'-גאָו-ער) איינער וואָס פערלאָזט אַ פּלאַץ, געהט אַוועק אָדער פעררייזט.

out'going *n. and a.* (אוט'-גאָו-אינג) 1. דאָס וועקגעהען, שיידונג; 2. וועקגע-הענד, זיך שיידענד, פערלאָזענד.
2. Outgoing steamers leave our port early in the morning.

out'goings *n.* (אוט'-גאָו-אינגז) הוצאות, אויסגאַבען.

out'ground *n.* (אוט'-גראַונד) אַ שטיק לאַנד ווייט פון דער וואָהנונג; אַן אָבגע-זונדערט שטיק לאַנד.

outgrow' *v.* (אוט-גראָו') 1. אַריבער-וואַקסען, אויסוואַקסען גרעסער; 2. אַרויס-וואַקסען, ווערען צו גרויס פאַר עפּעס; 3. אויסשעפּען דורך שנעלען וואַקסען; 4. פערליערען, זיך בעפרייען פון עפּעס אין פערלויף פון וואוקס און ענטוויקלונג.
1. My younger brother outgrew me. 2. Children outgrow their clothes. 3. He outgrew his strength. 4. One outgrows his bashfulness.

out'growth *n.* (אוט'-גראָוטה) אַן אויס-וואוקס, אַן אויסוואוקס; אַ פועל-יוצא, אַ פאָלגע, אַ רעזולטאַט.

out'guard *n.* (אוט'-גאַרד) דער פאָר-פּאָסט [די מיליטער-אַבטיילונג וואָס גע-פינט זיך אַם ווייטסטען פון דער הויפּט אַרמעע]; די ווייטסטע בעשיצונג, די ווייטסטע וואַך.

out-her'od *v.* (אוט-העהר'-אָד) זיין

אונגעהייער גרויזאַם און פערדאַרבען [זיין מעהר הורדוס ווי דער אידישער קעניג הורדוס].

out'house *n.* (אוט'-האוס) אַ נעבענגעבײַדע, אַ ביי־נעבײַדע, אַ הינטערהויז; אַן אַבטריט, אַ בית הכסא.

ou'ting *n. and a.* (אַו'-טינג) 1. אַן אויספלוג, אַן אויסגאַנג, אַן אויספאָהר [אויף שפּאַציער]; 2. וואָס איז צוגעפּאַסט צום דרויסען אָדער צו אַ שפּאַציער [וועגען קליידער א. ד. ג.].
1. Our club will have an **outing** next month. 2. He wears an **outing** shirt.

outjest' *v.* (אוט-דזשעסט') פערטרייבען אָדער בייקומען דורך שפּאַס, פערלאַכען.

out'jet *n.* (אוט'-דזשעט) אַן ארויסשטאַרצונג.

outla'bor *v.* (אוט-ליי'-באָר) איבערשטייגען אין אַרבייט, אויסדויער אָדער ליידען.

out'land *n. and a.* (אוט'-לענד) אַ ווייט פערוואָרפען לאַנד; גרענעץ־לאַנד; אין דער פעאָדאַלער אָרדנונג — לאַנד וואָס איז געווען בענוצט פון די אונטערטהאַנען און ניט פון פּריץ; אויסלענדיש.

out'lander *n.* (אוט'-לען-דער) אַן אויסלענדער.

out'landish *a.* (אוט'-לען-דיש) 1. אויסלענדיש; גראָב, באַרבאַריש; פרעמד; 2. אַבגעזונדערט; 3. זאַנדערבאַר.
1. The speaker's **outlandish** accent provoked the derision of the audience. 2. We settled in an **outlandish** part of the country.

outlan'dishly *adv.* (אוט-לען'-דיש-לי) אויף אַ זאַנדערבאַרען, פרעמדען, ווילדען אָדער באַרבאַרישען אופן; אויף אַן אַבגעזונדערטען אופן.

outlan'dishness *n.* (אוט-לען'-דיש-נעס) זאַדערבאַרקייט, פרעמדקייט, ווילדקייט; אַבגעזונדערטקייט.

out'lash *n.* (אוט'-לעש) דאָס ארויסשלאַגען; אַן ארויסשטויס; אַן אויסברוך.

outlast' *v.* (אוט-לעסט') איבערלעבען, געדויערען לענגער.

outlaugh' *v.* (אוט-לאַף') איבערשטייגען אין לאַכען; אויסלאַכען.

out'law *n. and v.* (אוט'-לאָה) איינער וואָס איז געשטעלט אויסער דעם שוץ פון געזעץ [פאַרצייטען פלעגט מען דערמיט בעשטראָפען איינעם וואָס האָט זיך ענטזאָגט צו ערשיינען אין געריכט און אַזאַ מענשען האָט יעדער רעכט געהאַט צו טויטען]; אַ פּראָפעסיאָנעלער פערברעכער, אַ רויבער, אַ באַנדיט; שטעלען אויסער דעם שוץ פון געזעץ; מאַכען געזעצליך אונגילטיג [ווי אַ חוב אָדער געריכטליכע קלאַגע צוליעב דעם וואָס עס איז פאַריבער דער בעשטימטער טערמין].

out'lawry *n.* (אוט'-לאָה-רי) דאָס שטעלען אויסער דעם שוץ פון דעם געזעץ; דאָס ווערען געזעצליך אונגילטיג [ווי אַ חוב אָדער קלאַגע]. ז. *outlaw*.

outlay' *v.* (אוט-ליי') אויסלעגען, אויסשפּרייטען; ארויסשטעלען, אויסשטעלען צום שיין.

out'lay *n.* (אוט'-ליי) אויסלאַג, הוצאות.
The house has been built at a great **outlay**.

out'layer *n.* (אוט'-ליי-ער) עקטאָדערמאַ. ז. *ectoderm*

out'leap *n.* (אוט'-ליעפּ) אַן ארויסשפּרונג, אַן אַנטרינונג, אַ ויברח.

outlearn' *v.* (אוט-לוירן') איבערטרעפען אין לערנען; אויסלערנען, דורכלערנען ביז'ן סוף.

out'let *n.* (אוט'-לעט) 1. אַן ארויסגאַנג, אַן אויסגאַנג, אַן אויסוועג; 2. אַן אויספלוס; 3. אַ מאַרק פאַר סחורות.
3. American merchants are seeking an **outlet** for their merchandise in South America.

outlie' *v.* (אוט-לאַי') איבערטרעפען אין ליגען־זאָגען, איבערשטייגען אין ליגענס; וואָהנען אונטער'ן פרייען הימעל, פיהרען אַ לאַגער־לעבען.

out'lier *n.* (אוט'-לאַי-ער) איינער וואָס וואָהנט ניט אין דעם פּלאַץ פון זיין בעשעפטיגונג; איינער וואָס איז ניט קיין מיטגליעד [פון אַ געזעלשאַפט, סעקטע א. ז. וו.]; אַן אַבגעזונדערטער טייל פון עפּעס; אין געאָלאָגיע — אַן איבערגעבליבענער טייל פון אַן ערד־שיכט, וועלכע איז לאַנגזאַם פערשוואונדען דורך דער ווירקונג פון וואַסער; אין זאָאָלאָגיע — אַ מין, אַ גאַטונג.

out'line *n. and v.* (אוט'-לאַין) די קאָנטור, די אויסען־ליניע פון אַ פיגור; סקיצירונג, דאָס מאָלען פיגורען נור מיט אויסערליכע ליניען; אַן ענטוואורף, עטוואָס וואָס איז געצייכענט אָדער אַנגעוואָרפען אין די הויפּט שטריכען; בעשרייבונג פון די הויפּט שטריכען [ווי למשל, פון אַ דראַמאַ]; סקיצירען; צייכנען די קאָנטורען אָדער אויסען־ליניען; מאַכען אַן ענטוואורף; איבערגעבען די הויפּט שטריכען.

outlin'ear *a.* (אוט-לינ'-אי-אַר) וואָס איז שייך צו אַ סקיצירונג אָדער קאָנטור. ז. *outline*

outlive' *v.* (אוט-ליוו') איבערלעבען; געדויערען לענגער.

outlook' *v.* (אוט-לוק') בענעגנען מיט מוטה; אַראַבשלאָגען פון מוטה מיט אַ בליק; בייקומען מיט'ן בליק; בייקומען, בעזיעגען.

out'look *n.* (אוט'-לוק) אַן אויסקוק; אַן אויסזיכט; דאָס ארויסקוקען אויף עפּעס; וואַכזאַמקייט; אַ פּלאַץ, פון וועלכען מען קוקט אויס אָדער אויף וועלכען מען האַלט וואַך, אַן אַבזערוואַציאָנס־פּונקט, אַ וואַך־טורם; זעהונגס־קראַפט; דאָס וואָס מען זעהט.

outlus'ter *v.* (אוט-לאַס'-טער) ז. *outlustre*

outlus'tre *v.* (אוט-לאַס'-טער) איבערטרעפען אין גלאַנץ.

out'lying *a.* (אוט'-לאַי-אינג) וואָס געפינט זיך אויסערהאַלב די גרענעצען; אַבגעזונדערט, דערווייטערט.

outman' *v.* (אוט-מען') איבערשטייגען אַלס מאַן [אין קראַפט, מוטה א. ז. וו.], זיין מעהר מאַן; האָבען אַ גרעסערע צאָהל מענשען.

outmaneu'ver *v.* (אוט-מע-נוה'-ווער) איבערטרעפען אין מאַנעווורען.

outmanœu'ver *v.* (אוט-מע-נוה'-ווער) ז. *outmaneuver*

outmanœu'vre *v.* (אוט-מע-נוה'-ווער) ז. *outmaneuver*

outmarch' *v.* (אוט-מאַרטש') אריבערמאַרשירען, שנעלער מאַרשירען.

outmatch' *v.* (אוט-מעטש') אריבערשטייגען אַלס געגנער, זיין אַ שטאַרקערער געגנער, אריבערשטייגען.

outmate' *v.* (אוט-מייט') אריבערשטייגען, זיין שטאַרקער אָדער גרעסער.

out'most *a.* (אוט'-מאָוסט) אויסערסטער, אויסערסט.
The mayor of our city is enforcing the laws to the **outmost** of his ability.

outmove' *v.* (אוט-מוהוו') אריבערשטייגען אין שנעלקייט.

outname' *v.* (אוט-ניים') האָבען אַ גרעסערען נאָמען, וויכטיגקייט אָדער בעדייטונג.
His bad temper **outnames** all his other faults.

out'ness *n.* (אוט'-נעס) אויסערליכקייט; דאָס זיין פּראַאינטערעסירט מיט אויסערליכע זאַכען; אין פילאָזאָפיע — דאָס זיין אויסער דעם בעגרייפענדען "איך". ז. *externality*

outnoise' *v.* (אוט-נאָיז') איבערשטייגען אין טומעל אָדער ליאַרם.

out'-nook *n.* (אוט'-נוק) אַ ווייטער ווינקעל, אַ פערוואָרפענער עק.

outnum'ber *v.* (אוט-נאַמ'-בער) איבערשטייגען אין צאָהל.
The Balkan allies **outnumbered** the Turks in every battle.

out of (אוט אָוו) פון; אויס; פון צווישען; אויסער, אָהן.

out of all bounds (אוט אָוו אָהל באַונדז) איבער אַלע גרענעצען; איבער יעדער מאָס.

out of breath (אוט אָוו ברעטה) אָהן אַן אָטהעם.

out of cash (אוט אָוו קעש) ניט ביי געלד.

out of commis'sion (אוט אָוו קאָ-מיש'-אָן) ניט אין געברויך [וועגען אַ קריעגס־שיף]; ניט צום געברויכען, ניט אין אָרדנונג.

out of com'mon (אוט אָוו קאָמ'-אָן) אויסעראָרדענטליך, אויסערגעוועהנליך.

out of condi'tion (אוט אָוו קאָנ-דיש'-אָן) אין אַ שלעכטען צושטאַנד.

out of count (אוט אָוו קאַונט) אונצעהליג, אונצעהלבאַר; אונשעצבאַר; אויסער בעטראַכטונג, וואָס ווערט ניט גערעכענט אָדער ניט גענומען אין אַנבעטראַכט.

out of coun'tenance (אוט אָוו קאַונ'-טע-נענס) צוטומעלט, אין פערלעגענהייט.

out of course (אוט אָוו קאָורס) אויסער אָרדנונג, אין אונאָרדנונג.

out of court (אוט אָוו קאָורט) פערלאָרען דאָס רעכט צו קלאָגען אין געריכט.

out of cry (אוט אָוו קראַי) אונדערגרייכבאַר, וואָס מען קען ניט דערגרייכען אָדער קריעגען.

out of date (אוט אָוו דייט) אַלט־מאָדיש, ארויס פון דער מאָדע.

out of depth (אוט אָוו דעפּטה) פערלאָרען דעם באָדען אונטער די פיס.

out of dis'tance (אוט אָוו דיס'-טענס) ניט צו כאַפּען מיט'ן אויג.

out'-of-door' *a.* (אוט'-אָוו-דאָור') וואָס איז אָדער ווערט געטהאָן אין דרויסען אָדער אונטער'ן פרייען הימעל.

out'-of-doors' *a.* (אוט'-אָוו-דאָורז') ז. *out-of-door*

out of doubt (אוט אָוו דאַוט) אָהן אַ שום צווייפעל; בלי שום ספק.

out of el'ement (אוט אָוו על'-אי-מענט) אויסער דער איינענער ספערע, אויסער דעם איינענעם קרייז, ניט אין איינענעם פאַך.

out of employ' (אוט אָוו עמ-פּלאָי') אָהן בעשעפטיגונג, אויסער בעשעפטיגונג.

out of fash'ion (אוט אָוו פעש'-אָן) אויסער מאָדע, ארויס פון דער מאָדע.

out'-of-fash'ion *a.* (אוט'-אָוו-פעש'-אָן) אַלט־מאָדיש.

out of frame (אוט אָוו פריים) ניט אין דער אָרדנונג; שלעכט געשטימט.

out of gear (אוט אָוו גיער) ניט אין אָרדנונג, קאַליע, ניט אַרבייטס־פעהיג [וועגען מאַשינען].

out of hand (אוט אוו הענד) .1 באלד, אויף דער שטעל; .2 ארויסגעפאלן פון האנד, ארויסגעפארטיגט, אבגעענדיגט.

1. You will pay your debts out of hand. 2. The work is out of hand.

out of hope (אוט אוו האופ) אהן האפנונג, האפנונגסלאז.

out of hu'mor (אוט אוו היו'-מאר) שלעכט געשטימט, אין שלעכטער לוינע.

out of or'der (אוט אוו אהר'-דער) .1 ניט אין ארדנונג, קאליע; .2 אויסער ארדנונג, ניט אם פלאץ.

1. The clock is out of order. 2. The chairman declared the motion out of order.

out of place (אוט אוו פלייס) ניט אם פלאץ; ניט פאסיג, ניט צונפאסט.

Your remark was out of place at that time.

out of pock'et (אוט אוו פאק'-עט) האבען א געלד-פערלוסט; זיין נעענגט אין געלד.

The banker is out of pocket by his last transaction.

out of print (אוט אוו פרינט) אויספערקויפט, ניט בנמצא [וועגען א בוך].

out of ques'tion (אוט אוו קהוועס'-טשאן) גאר קיין פראגע ניט.

out of qui'et (אוט אוו קהוואי'-עט) אונרוהיג.

out of reach (אוט אוו ריעטש) ניט דערגרייכבאר.

out of rea'son (אוט אוו ריעזן) אהן א זין, אהן אן אורזאכע, אהן א לאגישען גרונד.

out of reg'ister (אוט אוו רעדזש'-איס-טער) אין דרוק-ארבייט — ניט צוגעפאסט, ניט גלייך.

out of repair' (אוט אוו רי-פעהר') אין א שלעכטען צושטאנד, קאליע.

out of sea'son (אוט אוו סיזן) ניט צו דער צייט, ניט צו דער רעכטער צייט.

out of sorts (אוט אוו סאהרטס) ניט אויפגעלעגט, ניט מיט אלעמען; וואס עס פעהלען איהם געוויסע מינים דרוק-שריפט [וועגען א זעצער אדער שריפט-קאסטען].

out of square (אוט אוו סקהוועהר) אויסער ארדנונג, אראב פון וועג, ניט ריכטיג, ניט קארעקט; ניט געצייכענט אדער ניט אויסגעשניטען אין קווארדאט אדער מיט רעכטע ווינקלען.

out of the com'mon (אוט אוו טהי קאמ'-אן) ז. *out of common*.

out'-of-the-way' *a.* (אוט'-אוו-טהי-הוויי') .1 אבגעזונדערט, פערווארפען, ווייט פון בעפעלקערטע געגענדען; .2 וואס איז שווער צו געפינען אדער בעמערקען; .3 אונגעוועהנליך; זאנדערבאר; .4 עקסצענטריש, ניט אנגענומען, אונפאסיג.

1. We intend to spend our vacation in an out-of-the-way village. 2. The lovers meet in out-of-the-way corners. 4. I saw nothing out-of-the-way in his behavior.

out of time (אוט אוו טאים) פערענדיגט די לעהר-צייט [וועגען א לעהר-אינגעל ביי א בעל-מלאכה]; ניט אין צייט, ניט אין דער ריכטיגער צייט.

out of town (אוט אוו טאון) אבגערייזט [פון דער שטאדט]; אויסער דער שטאדט.

out of trim (אוט אוו טרים) ניט אין ארדנונג; ניט באלאנסירט, ניט אין גלייכגעוויכט [וועגען א שיף].

out of tune (אוט אוו טיון) ארויס פון טאן; אונהארמאניש.

out of wed'lock (אוט אוו הועד'-לאק) אונפערהייראט.

out of win'ding (אוט אוו הוואי'-דינג) אויסגעגלייכט אין א גראדער פלעכע.

out of work (אוט אוו הווארק) .1 ניט אין ארדנונג, קאליע; .2 אהן ארבייט, אונבעשעפטיגט.

1. The machinery is out of work. 2. The Printers' Union pays out of work benefits to its members.

out on! (אוט אן) שאנדע! שאנדע אויף...! פערפלוכט!

Out on you!

out'-ov'en *n.* (אוט'-אוו'ן) א דרויסען-אויווען [אן אויווען אויף וועלכען מען קאכט אין דרויסען].

outpace' *v.* (אוט-פייס) אריבעריאגען.

outpar'agon *v.* (אוט-פער'-ע-גאן) איבערשטייגען אין פארטרעפליכקייט אדער אויסגעצייכענטקייט.

out'-par'ish *n.* (אוט'-פער'-איש) א קירכען-בעצירק פון א פארשטאדט אדער פון א דארף.

out'part *n.* (אוט'-פארט) אויסערער טייל.

outpass' *v.* (אוט-פעס) אריבעריאגען.

out'-pa'tient *n.* (אוט'-פיי'-שענט) א פאציענט וואס געפינט זיך ניט אין שפיטאל נאר ווערט בעהאנדעלט פון שפיטאל-דאקטוירים.

outplay' *v.* (אוט-פליי) איבערטרעפען אין שפיעלען; איבערשטייגען; בייקומען.

outpoise' *v.* (אוט-פאיז) אריבערוועגען.

out'porch *n.* (אוט'-פאורטש) אן ארייננאנג, א פארהויז.

out'port *n.* (אוט'-פאורט) אן אויסען-האפען [א האפען ווייט פון צאל-הויז אדער פון דעם הויפט האנדעלס-פונקט]; אן עקספארט-האפען [פון וועלכען מען עקספארטירט סחורות].

out'post *n.* (אוט'-פאוסט) אן אויסען-פאסט, א פארפאסט [אן ארמעע-אבטיילונג אדער וואך ווייט פון דער הויפט-ארמעע].

outpour' *v.* (אוט-פאור) אויסגיסען, ארויסגיסען.

out'pour *n.* (אוט'-פאור) אן אויסגוס, אן אויספלוס.

out'pouring *n.* (אוט'-פאור-אינג) אן אויסגוס, אן אויספלוס, אן אויסשטראמונג.

There was an outpouring of people to see the parade.

outpow'er *v.* (אוט-פאו'-ער) איבערשטייגען אין כח, איבערוועלטיגען.

outpray' *v.* (אוט-פריי) .1 איבערשטייגען אין תפלה טהאן; מתפלל זיין מיט מעהר היץ און אויפריכטיגקייט; .2 איבערשטייגען אלס תפלה.

1. He outprays a saint.

outprize' *v.* (אוט-פראיז) איבערטרעפען אין ווערטה.

out'put *n.* (אוט'-פוט) די צאהל אדער מאס אויסגעארבייטע פראדוקטען; פראדוקציאן, די גרוים פון דער פראדוקציאן.

Division of labor always results in a greater output.

out'quarters *n.* (אוט'-קהוואהר-טערז) אין מיליטער — דאס אויסען-קווארטיער [ווייט פון דעם הויפט-קווארטיער].

outrace' *v.* (אוט-רייס) אריבערשטייגען אין שנעלקייט, אריבעריאגען.

out'rage *n. and v.* (אוט'-ריידזש) .1 א גוואלט-טהאט, א שאנד-טהאט, א סקאנדאל; אונפערשעהמטע חוצפה; גרויזאמקייט; .2 בעפאלען, פערגוואלטיגען, ברוטאל בעהאנדלען; בעגעהן א גוואלט-טהאט אדער א שאנד-טהאט; האנדלען שענדליך, סקאנדאלעז אדער מיט אונפערשעהמטער חוצפה.

1. It is an outrage to maltreat children. 2. It is dangerous for a government to outrage public opinion.

outrage' *v.* (אוט-ריידזש) איבערשטייגען אין גרימצארן.

outra'geous *a.* (אוט-ריי'-דזשאס) גוואלטיג, גוואלטזאם; שוידערליך; גרויזאם; שענדליך, סקאנדאלעז; אונפערשעהמט-חוצפה'דיג.

outra'geously *adv.* (אוט-ריי'-דזשאס-לי) אונגעהייער, שוידערליך, גוואלטיג; שענדליך, סקאנדאלעז, אונפערשעהמט-חוצפה'דיג.

outra'geousness *n.* (אוט-ריי'-דזשאס-נעס) גוואלטיגקייט, גוואלטזאמקייט, שוידערליכקייט; שענדליכקייט, דאס זיין סקאנדאלעז.

out'rager *n.* (אוט'-ריי-דזשער) א פערגוואלטיגער; איינער וואס האנדעלט שענדליך אדער סקאנדאלעז.

outrank' *v.* (אוט-רענק) איבערטרעפען אין ראנג; שטעהן העכער אלס...

A major outranks a captain.

outray' *v.* (אוט-ריי) ארויסשטראהלען.

outré' *a.* (אוה-טריי') איבערמאדנע; איבערטריבען.

outreach' *v.* (אוט-ריעטש) .1 אריבערגרייכען, ווייטער; .2 איבערכיטרעווען, בעשווינדלען; .3 גרייכען, זיך אויסברייטען, זיין פערשפרייט.

1. Will the skyscrapers ever outreach the clouds?

outrea'son *v.* (אוט-ריע'זן) איבערטרעפען אין אורטיילס-קראפט, בעזיעגען מיט ארגומענטען.

As a lawyer, he can outreason his adversary.

outreck'on *v.* (אוט-רעק'ן) אריבערצעהלען, איבערשטייגען אין צעהלען אדער רעכנען.

outred'den *v.* (אוט-רעד'ן) איבערשטייגען אין רויטקייט, זיין רויטער, ווערען רויטער.

outreign' *v.* (אוט-ריין) הערשען לענגער, הערשען די גאנצע [בעשטימטע] צייט.

outride' *v.* (אוט-ראיד) אריבערדרייטען, איבעריאגען אין רייטען; אויסרייטען; רייטען פארויס אדער ביי דער זייט פון אן עקיפאזש אלס בעגלייטער.

out'ride *n.* (אוט'-ראיד) דאס אויסרייטען; א רייט-פלאץ.

out'rider *n.* (אוט'-ראי-דער) א פאררייטער, א רייטענדער בעגלייטער, איינער וואס רייט פארויס [פאר אן עקיפאזש].

out'rigger *n.* (אוט'-ריג-ער) עטוואס וואס שטארצט ארויס [ווי למשל, געוויסע באלקענס אויף א שיף צום אנציהען זעגלען, א שטיקעל אייזען ביי א רודער-שיפעל, צו פעהאלטען די לאפעטעס ביים רודערען, אן ארויסשטארצונג ביי א רודער-שיפעל, וואס לאזט ניט דאס שיפעל זיך איבערקעהרען א. ז. וו.]; א שיפעל וואס האט א פארריכטונג, עס זאל זיך ניט קענען איבערקעהרען; א פערד-געשפאן ביי דער זייט.

outright' *adv.* (אוט-ראיט) .1 גלייך, דירעקט; באלד, מיט איין מאל; פאלשטענדיג, אין גאנצען; .2 קורץ און שארף, אהן וויטערע טענות.

2. We settled the bargain outright.

out'right *a.* (אוט'-ראיט) .1 דורך און דורך, פאלשטענדיג; .2 דירעקט, גלייך; .3 גאנץ, וואס איז דער סך הכל.

1. He is known for his outright wickedness. 3. We were paid the outright sum of $3000.

outri'val *v.* (אוט-ראי'-וועל) איבערטרעפען, איבערשטייגען.

out'road *n.* (אוט'-ראוד) אן עקסקורסיע, אן עקספעדיציע.

outroar' *v.* (אוט-ראור) איבערברעווען,

איבערשרייען, רעווען אדער שרייען שטארקער.

out'room *n.* (אוט'-רוהם) א זייטען-צימער.

outroot' *v.* (אוט-רוהט') אויסראטען, אויסווארצלען.

outrun' *v.* (אוט-ראן') 1. אריבעריאגען, אריבערלויפען; ארויסלויפען; אריבערשטייגען, בייקומען; 2. אנטרינען; אויסמיידען; זיך ראטעווען פון עפעס; 3. איבערטרעפען, אריבערשטייגען.

2. Let us hope, the scoundrel will not outrun punishment. 3. His tongue outruns his knowledge.

outrun' the con'stable (אוט-ראן' טהי קאנ'-סטעבל) אויסמיידען דעם עניז, ווען עס פעהלען אויס ארגומענטען; לעבען איבער די מיטלען.

outrush' *v.* (אוט-ראש') ארויסשטראמען, ארויספליסען מיט קראפט.

out'rush *n.* (אוט'-ראש) א שנעלע קרעפטיגע אויסשטרעמונג, א שטארקער שנעלער אויספלוס.

outsail' *v.* (אוט-סייל') אריבערזעגלען; אריבעריאגען [ווענען א שיף].

out'-sale *n.* (אוט'-סייל) אן עפענטליכער אויספערקויף, אן אויקציאן, א ליציטאציע.

outscold' *v.* (אוט-סקאולד') איבערשטייגען אין שילטען אדער זידלען.

outscorn' *v.* (אוט-סקאהרן') בייקומען דורך שטאלץ אדער פעראכטונג; זיך ניט קימערען, זיך אויסלאכען.

The pyramids outscorn time and oblivion.

out'scouring *n.* (אוט'-סקאור-אינג) דאס וואס ווערט אויסגעשווייקט אדער אויסגעריבען.

outsell' *v.* (אוט-סעל') איבערטרעפען אין פערקויפען, פערקויפען מעהר; פערקויפען טייערער.

out'sentry *n.* (אוט'-סענ-טרי) אן אויסען-וואך, די ווייטסטע וואך, דער פארפאסט [אין מיליטער].

out'set *n.* (אוט'-סעט) אן אנפאנג, דער ערשטער שריט.

out'setting *n. and a.* (אוט'-סעט-אינג) 1. אן אנפאנג, דער ערשטער שריט; 2. וואס איז געריכטעט פון ברעג אדער ארויס-צו.

2. A strong outsetting tide.

out'settlement *n.* (אוט'-סעטל-מענט) אן אויסערליכע בעזעצונג אדער קאלאניע [ווייט פון דער הויפט בעזעצונג].

out'settler *n.* (אוט'-סעט-לער) אן אבגעזונדערטער קאלאניסט, איינער וואס וואהנט ווייט פון די הויפט בעזעצונגען.

outshine' *v.* (אוט-שאין') ארויסשיינען; איבערשטייגען אין שיין אדער גלאנץ; איבערטרעפען אין גוטע מעלות.

outshoot' *v.* (אוט-שוהט') אריבערשיסען, שיסען ווייטער; איבערטרעפען אין שיסען.

outside' *a., adv., prep. and n.* (אוט-סאיד') אויסערליך; אויבערפלעכליך; עקסטרעם; וואס איז ניט דירעקט פעראינטערעסירט; פון אויסען; אין דרויסען; אויף'ן ים; ארויס; פון דער אויסען-זייט; פון יענער זייט; די אויסערליכע זייט; דער אויסערליכער טייל; איינער וואס איז אויסער עפעס; א אויסענוועניגסטער פאסאזשיר [וואס זיצט ניט אין וואגען, נאר אויף דער קעלניע א. ז. וו.]; אויסערליכקייט; א פארמאליטעט; דאס העכסטע, דאס העכסט-מעגליכע.

outsi'der *n.* (אוט-סאי'-דער) א זייטיגער מענש; איינער וואס איז אויסער עפעס, וואס נעהמט ניט קיין אנטייל אדער איז ניט דירעקט פעראינטערעסירט אין עפעס; איינער וואס איז ניט ערפאהרען אדער ניט בעקאנט מיט עפעס; א וועט-לויף פערד, אויף וועלכען מען וועט וועניג.

outsi'ders *n.* (אוט-סאי'-דערז) אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען קען פון דרויסען אויפשליסען א טהיר-שלאס, כאטש דער שליסעל שטעקט אין שלאס פון אינוועניג [אויף דער גנבים-שפראך].

outsit' *v.* (אוט-סיט') זיצען לענגער [ווי די בעשטימטע צייט אדער ווי אן אנדערער]; אויסמאטערען דורך זיצען.

out'skirt *n.* (אוט'-סקוירט) 1. א ברעג, א זוים; א פארשטאדט; 2. אן אומגעגענד.

2. Our home is situated ŏn the outskirts of the city.

outsleep' *v.* (אוט-סליעפ') פערשלאפען.

outslept' (אוט-סלעפט') פערשלאפען. ז. *outsleep*.

outslide' *v.* (אוט-סלאיד') זיך ארויסגליטשען, זיך גליטשען פארווערטס.

outsold' (אוט-סאולד') איבערטראפען אין פערקויפען; פערקויפט טייערער. ז. *outsell*.

out'span *v. and n.* (אוט'-ספען) אויסשפאנען אן אקס אדער פערד; אראבנעהמען דעם זאטעל פון א פערד; זיך אבשטעלען, מאכען א לאגער; אויסשפאנונג; א לאגער-פלאץ.

outspar'kle *v.* (אוט-ספאר'קל) אריבערגלענצען, אריבערשיינען.

outspeak' *v.* (אוט-ספיעק') איבערטרעפען אין רעדען; זאגען אדער אויסדריקען מעהר; זיין העכער אין בעדייטונג; אויסשפרעכען, ארויסרעדען.

outspeed' *v.* (אוט-ספיעד') איבערשטייגען אין שנעלקייט, אריבעריאגען.

outspend' *v.* (אוט-ספענד') מאכען גרעסערע אויסגאבען, איבערשטייגען אין אויסגאבען.

outspent' *a.* (אוט-ספענט') אין גאנצען אויסגעמאטערט אדער ערשעפט.

Outspent with the long journey, the travelers encamped on the outskirts of a forest.

outspin' *v.* (אוט-ספין') אויסשפינען, ענדיגען; ערשעפען.

out'spoken *a.* (אוט'-ספאוקן) 1. אויסגעשפראכען; 2. אפען, אפענהערציג, פריי, דרייסט.

1. He is an outspoken radical. 2. The nomination of the candidate met with outspoken disapproval.

out'spokenness *n.* (אוט'-ספאוקן-נעס) אויסגעשפראכענקייט; אפענהערציגקייט.

outsport' *v.* (אוט-ספאורט') איבערטרעפען אין ספארט אדער אין לוסטיגקייט.

outspread' *v.* (אוט-ספרעד') אויסברייטען, אויסשפרייטען.

out'spring *n.* (אוט'-ספרינג) א פאלגע, א רעזולטאט, א פועל-יוצא.

outstand' *v.* (אוט-סטענד') בלייבען לענגער ווי...; ארויסשטארצען; זיך אויסצייכנען; בלייבען, איבערבלייבען.

outstan'ding *a.* (אוט-סטענ'-דינג) 1. וואס בלייבט לענגער ווי...; 2. ארויסשטארצענד; זיך אויסצייכנענד מיט...; 3. וואס בלייבט [אונבעריהרט, ניט בעצאהלט א. ז. וו.].

2. The outstanding feature of the bridge is its immensity. 3. The merchant has many outstanding debts.

outstare' *v.* (אוט-סטעהר') ברייגנען אין פערלעגענהייט אדער ענטמוטיגען דורך א קוק.

out'start *n.* (אוט'-סטארט) אן ארויסטריט, אן אנהויב.

outstay' *v.* (אוט-סטיי') בלייבען לענגער ווי...

As a visitor be careful not to outstay your welcome.

outstep' *v.* (אוט-סטעפ') איבערטרעטען; אריבעריאגען, איבערטרעפען.

out'-street *n.* (אוט'-סטריעט) אן אבגעלעגענע גאס; א גאס אויסער די גרענעצען פון שטאדט.

outstretch' *v.* (אוט-סטרעטש') אויסשטרעקען, אויסשפרייטען.

outstride' *v.* (אוט-סטראיד') געהן שנעלער, געהן מיט גרעסערע טריט.

outstrike' *v.* (אוט-סטראיק') איבערטרעפען אין שלאגען; געבען גרעסערע קלעפ; אויסשטרייכען, אויסמעקען.

outstrip' *v.* (אוט-סטריפ') אריבעריאגען, איבערטרעפען; אנטרינען, אנטלויפען.

outswear' *v.* (אוט-סהועהר') איבערטרעפען אין שווערען, מעהר שווערען אלס...; ערנער פלוכען, איבערטרעפען אין קללות.

outswell' *v.* (אוט-סהוועל') ווערען מעהר אנגעשוואלען ווי...

out-talk' *v.* (אוט-טאהק') אריבעררעדען, איבערשטייגען אין ריידען, גובר זיין מיט'ן ריידען, ברייגנען צום שווייגען.

out-tongue' *v.* (אוט-טאנג') אריבערשרייען.

out-top' *v.* (אוט-טאפ') אריבערשטייגען, דערגרייכען העכער.

out'-turn *n.* (אוט'-טוירן) ז. *output*.

out upon'! (אוט א-פאן') פוי! שאנדע!

outval'ue *v.* (אוט-וועל'-יו) איבערשטייגען אין ווערטה.

outvie' *v.* (אוט-וואי') איבערטרעפען, איבערשטייגען.

The soldiers outvied one another in bravery.

outvil'lain *v.* (אוט-וויל'-ען) איבערשטייגען אלס יונגאטש אדער אויסוואורף.

outvoice' *v.* (אוט-וואיס') איבערשרייען.

outvote' *v.* (אוט-וואוט') איבערשטימען, בעזיעגען מיט דער מעהרהייט פון שטימען; איבערשטייגען אין דער צאהל.

out'voter *n.* (אוט'-וואו-טער) א וועהלער וואס וואהנט ניט אין דעם בעצירק, וואו ער גיט אב זיין שטימע.

outwait' *v.* (אוט-הווייט') אריבערווארטען, איבערשטייגען אין ווארטען, ווארטען לענגער.

outwake' *v.* (אוט-הווייק') וואכען מעהר אדער לענגער אלס...

outwalk' *v.* (אוט-הוואהק') איבערטרעפען אין געהן.

out'wall *n.* (אוט'-הוואהל) אן אויסערער מויער. אן אויסערע וואנד.

out'ward *adv., a. and n.* (אוט'-הווארד) ארויס, אויסער, ארויס-צו; אויסער דעם האפען; נאך אויסלאנד; פון דרויסען, פון דער אויסען-זייט; אויסערליך; מערקבאר; שיינבאר; גשמיות'דיג, קערפערליך; עטוואס וואס איז אויסען, די אויסערליכע וועלט.

out'-ward *n.* (אוט'-הוואהרד) א זייטיגע פאלאטע, א זייטיגע אבטיילונג [פון א שפיטאל]; אן אויסערליכער בעצירק [אויסער די פריהעריגע גרענעצען פון א שטאדט].

out'ward-bound *a.* (אוט'-הווארד-באונד) וואס געהט אוועק פון א האפען אדער לאנד.

out'wardly *adv.* (אוט'-הווארד-לי) אויסערליך, פון דער אויסען-זייט; מערקבאר; ארויס-צו.

out'wardness *n.* (אוט'-הווארד-נעס) אויסערליכקייט.

out'wards *adv.* (אוט'-הווארדז) ארויס,

אויסער, ארויס⸗צו; אוועק פון האפען, נאך אויסלאנד; פון דרויסען; מערקבאר, שיינבאר.

out'ward-sain'ted *a.* (אוט'-הווארד-סיינ'-טעד) כלומר'שט הייליג; היפאקריטיש.

out'wash *n. and a.* (אוט'-הוואש) אויסשוויינקונג; עטוואס וואס ווערט אויסגעשווינקט; וואס איז שייך צו די ברעגען פון מארענע. ז. ***moraine***.

outwatch' *v.* (אוט-הוואטש') איבערטרעפען אין וואכזאמקייט, איבערשטייגען אין פארזיכטיגקייט.

out'way *n.* (אוט'-הוויי) אן אויסוועג, אן אויסגאנג.

outwear' *v.* (אוט-הוועהר') אבניצען, אבטראגען; מאכען פערעלטערט; פערברייגגען [צייט]; אויסהאלטען אדער ווארטען ביז צו ענדע; איבערלעבען, נעדויערען לענגער.

outwear'y *v.* (אוט-הוויער'-אי) אויסמאטערען.

outweed' *v.* (אוט-הוויעד') אויסיעטען, אויספאלען [אויסראטען אדער אויסווארצלען די זייטיגע פלאנצען].

outweep' *v.* (אוט-הוויעפ') מעהר וויינען אלס...

outweigh' *v.* (אוט-הוויי') אריבערוועגען; זיין שווערער אדער וויכטיגער אלס...; זיין צו שווער.

out'weight *n.* (אוט'-הווייט) דאס געוויכט פון סחורות וואס מען געפינט אויס נאכדעם ווי מען האט זיי ארויסגענומען פון מאגאזין.

outwell' *v.* (אוט-הוועל') ארויסגיסען, ארויסשטראמען; זיך ארויסניסען, א שטראם טהאן.

out'welling *n.* (אוט'-הוועל-אינג) אן אויספלוס, אן אויסשטראמונג.

outwent' (אוט-הווענט') אריבערגעיאגט; איבערגעטראפען. ז. ***outgo***.

outwing' *v.* (אוט-הווינג') איבערטרעפען אין פליהען.

outwit' *v.* (אוט-הוויט') איבערטרעפען אין שכל; איבערכיטרעווען.

outwore' (אוט-הוואור') אבגעניצט, אבגעטראגען; פערבראכט [די צייט]; אויסגעהאלטען אדער אבגעווארט ביז צו ענד; איבערגעלעבט. ז. ***outwear***.

outwork' *v.* (אוט-הוואירק') איבערטרעפען אין דער ארבייט.

out'work *n.* (אוט'-הוואירק) אויסענווערק, אויסערליכע פעסטונגס⸗ווערק; א בעשיצונג געגען אן אויסערליכען איבערפאל.

out'worker *n.* (אוט'-הוואיר-קער) איינער וואס ארבייט אויסער דער פאבריק אדער ווערקשטאט; א שניידער⸗ארבייטער וואס ארבייט ביי זיך אין דער היים.

outworn' (אוט-הוואורן') אבגעניצט, אבגעטראגען; פערבראכט [צייט]; אויסגעהאלטען ביז צו ענדע; איבערגעלעבט. ז. ***outwear***.

outwrest' *v.* (אוט-רעסט') ארויסרייסען.

outwrite' *v.* (אוט-ראיט') איבערטרעפען אין שרייבען.

ou'zel *n.* (אוהזל) די אמזעל אדער די שווארצע דראסעל [אזא קליין שווארצליך זינג⸗פויגעלע מיט א לאנגען עק].

o'va *n.* (או'-ווא) אין ביאלאגיע — אייער.

o'val *a. and n.* (או'-וועל) אוואל, עליפטיש, איי⸗רונד, לענגליך⸗רונד; אן אוואלע אדער איי⸗רונדע פיגור.

ovales'cent *a.* (או-ווע-לעס'-ענט) אוואל, אוואל⸗פערמיג, איי⸗רונד.

oval'iform *a.* (א-וועל'-אי-פארם) אוואל, איי⸗רונד.

o'vally *adv.* (או'-וועל-אי) אין אן אוואלער פארם, לענגליך⸗רונד ווי אן איי.

ova'rial *a.* (א-וויי'-רי-על) ז. ***ovarian***.

ova'rian *a.* (א-וויי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם אייער⸗שטאק [אין א ווייבליכען קערפער].

ova'rious *a.* (א-וויי'-רי-אס) וואס בעשטעהט פון אייער.

ova'rium *n.* (א-וויי'-רי-אם) ז. ***ovary***.

o'vary *n.* (או'-ווע-רי) דער אייער⸗שטאק [אין א ווייבליכען קערפער]; אין באטאניק — דער טייל פון פיסטיל [ווייבליכער געשלעכטס⸗ארגאן ביי פלאנצען] וואס ענטהאלט די יונגע זאמען פון וועלכע די פרוכט וואקסט ארויס.

o'vate *a.* (או'-וויט) אוואל, איי⸗פערמיג.

o'vated *a.* (או'-וויי-טעד) אוואל, איי⸗פערמיג.

o'vately *adv.* (או'-וויט-לי) אין דער פארם פון אן אוואל, אין דער פארם פון אן איי.

o'vate-ob'long *a.* (או'-וויט-אב'-לאנג) לאנגליך אוואל, לאנגליך איי⸗רונד.

ova'tion *n.* (א-וויי'-שאן) אן אוואציאן, אן ענטוזיאסטישע אויפנאהמע, א פייערליכער קבלת פנים; אין אלטען רוים — א טריאומף אין א קליינעם פארמאט וואס פלעגט געמאכט ווערען פאר אן ארמעע⸗קאמאנדיר, וועלכער האט בעזיעגט א פערהעלטניסמעסיג קליינעם פיינד.

ova'to-ob'long *a.* (א-וויי'-טאו-אב'-לאנג) ז. ***ovate-oblong***.

ov'en *n.* (אוון) אן אויווען; א באק⸗אויווען.

ov'en-bird *n.* (אוו'נ-בוירד) דער גאלד⸗קרוין דראסעל [אזא זינג⸗פויגעלע וואס בויט זיין נעסט אין דער פארם פון אן אויווען]. ז. איל. ***"Birds of the U. S."***

ov'en-cake *n.* (אוו'נ-קייק) אן אויווען⸗קוכען [א קוכען וואס ווערט געבאקען אין אן אויווען].

ov'en-wood *n.* (אוו'נ-הוואוד) ברען⸗האלץ, הייץ⸗האלץ.

o'ver *prep., adv., a., n. and v.* (או'-ווער) איבער; פאר; טראץ; אין פערגלייך מיט; אין פארצוג פאר; אין פערלויף; וועהרענד, דורך; אין; אריבער; אויף יענער זייט, דארטען אריבער; אין דער ברייט; איבער, צו פיעל; פאריבער; פארביי; גענצליך, פון אנפאנג ביז ענד, דורך און דורך; ווידער; בעפארצוגט; אין קריקעט⸗שפיעל — די צייט וואס פערנעהמט צו ווארפען פינף באלען דורך איין באל⸗ווארפער און ווען דער אנדערער דארף פערנעהמען זיין פלאץ; אן איבערשוס [איבריג געלד] ביים מאכען דעם באלאנס אדער ביים צעהלען דאס געלד ביים שליסען די קאסע; אריבערשפרינגען, אריבערקומען.

overabound' *v.* (או-ווער-ע-באונד') זיין אין איבערפלוס.

oxygena'tion *n.* (אק־סי־דזשע־ניי'־שאן) די פעראייניגונג מיט זויער־שטאף, די איבערזעטיגונג מיט זויער־שטאף; די אקסידירונג. ז. *oxidation*.

oxygen'ic *a.* (אק־סי־דזשענ'־איק) אקסיגעניש; וואס איז שייך צו זויער־שטאף.

ox'ygenize *v.* (אק'־סי־דזשען־איז) ז. *oxygenate*.

oxyg'enous *a.* (אק־סידזש'־ע־נאס) אקסיגעניש, וואס געהערט צו זויער־שטאף; וואס ענטהאלט זויער־שטאף.

ox'ygon *n.* (אק'־סי־גאן) אין געאמעטריע — א דריי־עק, ביי וועלכען אלע דריי ווינקלען זיינען שפיציג.


Oxygon

oxyg'onal *a.* (אק־סיג'־א־נעל) שפיציג־עקיג, שפיץ־ווינקעלדיג.

ox'ygone *n.* (אק'־סי־גאן) ז. *oxygon*.

oxygo'nial *a.* (אק־סי־גאו'־ני־על) ז. *oxygonal*.

oxyhy'drogen *a.* (אק־סי־האי'־דרא־דזשען) וואס איז שייך אדער בעשטעהט פון א כעמישער פערבינדונג פון זויער־שטאף מיט וואסער־שטאף.

ox'ymel *n.* (אק'־סי־מעל) זויער־האניג, עסיג־האניג [א געמיש פון עסיג מיט האניג].

oxymo'ron *n.* (אק־סי־מאו'־ראן) דאס אקסימאראן, די פערבינדונג פון צוויי ווערטער, וועלכע זיינען אין עצם סותר איינע די אנדערע, ווי למשל: "ער האט געקוקט אויף איהם מיט אכזר'יש־מילדע בליקען".

ox'-yoke *n.* (אקס'־יאוק) אן אקסען־יאך, א געשפאן פאר אקסען.

oxyo'pia *n.* (אק־סי־או'־פי־א) אן אוננארמאלע שארפקייט פון אויג, וואס נעהמט זיך פון א צו־שטארקער עמפפינדליכקייט פון דעם נעץ־הייטעל.

ox'yopy *n.* (אק'־סי־או־פי) ז. *oxyopia*.

oxyosphre'sia *n.* (אק־סי־אס־פרי'־סי־א) אן אוננארמאלע שארפקייט פון חוש הריח.

oxypho'nia *n.* (אק־סי־פאו'־ני־א) א הויכע, שניידענדע שטימע.

ox'yphony *n.* (אק'־סי־פא־ני) ז. *oxyphonia*.

oxyr'rhodin *n.* (אק־סיר'־א־דין) רויזען־עסיג [א געמיש פון עסיג מיט רויזען־אויל, וואס דיענט אלס באלזאם ביי געוויסע קראנקהייטען].

oxyr'rhodine *n.* (אק־סיר'־א־דין) ז. *oxyrrhodin*.

oxysacch'arum *n.* (אק־סי־סעק'־ע־ראם) א געמיש פון עסיג מיט צוקער.

ox'ytone *a., n. and v.* (אק'־סי־טאון) אין גראמאטיק — וואס האט א שארפען אקצענט אויף דער לעצטער זילבע; א ווארט מיט א שארפען אקצענט אויף דער לעצטער זילבע; אויסרעדען א ווארט מיט'ן אקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxytone'sis *n.* (אק־סי־טא־ני'־סיס) דאס אויסרעדען אדער פונקטירען ווערטער מיט'ן אקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxyton'ical *a.* (אק־סי־טאנ'־אי־קעל) ז. *oxytone*.

ox'ytonize *v.* (אק'־סי־טא־נאיז) אויסרעדען א ווארט מיט'ן אקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxyu'rous *a.* (אק-סי-יו'-ראס) וואס האט א שאַרפען אדער שפּיציגען עק.

o'yer *n.* (אָ'-יער) א פערהער, א געריכטס=פערהער; דאס אויסהערען די טענות פון די צדדים אויף'ן געריכט; דאס צייגען פאר'ן געריכט א דאקומענט אדער א קאפּיע פון דאקומענט, וועלכען דער געגען=צד האט דערמאהנט אין זיינע טענות.

o'yes *int.* (אָ'-יעס) הערט! הערט אוים! [אן אויסרוף פון בעאמטען אין א געריכטס=הויז, אז דער עולם זאל ווערען שטיל און אויפמערקזאם].

o'yez *int.* (אָ'-יעז) ז. *oyes*

oys'ter *n. and v.* (איס'-טער) אן אוסטריצע, אן אויסטער [א מין עסבארע מאַלוסקע אין א מושעל, וואס בעשטעהט פון צוויי ניט גלייכע דעקלעך]; בעשעפטיגען זיך מיט כאפּען אויסטערס.

Oyster

oys'ter-bank *n.* (איס'-טער-בענק) ז. *oyster-bed*

oys'ter-bed *n.* (איס'-טער-בעד) א קופּע ערד אונטערן וואסער אויף וועלכער עס געפינען זיך אויסטערס; א שיכט אין דער ערד וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע אויסטערס.

oys'ter-catch'er *n.* (איס'-טער-קעטש'-ער) דער אויסטער=פישער [א שווארצער פויגעל מיט ווייסע ראנדען אויף'ן עק און אויף די פליגלען, געפינט זיך כמעט אין אלע טיילען פון דער וועלט און ערנעהרט זיך מיט קליינע אויסטערס און מאַלוסקען].

oys'ter-cul'ture *n.* (איס'-טער-קאל'-טשור) אויסטער=צוכט, דאס קולטיווירען אדער האדעווען אויסטערס.

oys'ter-dredge *n.* (איס'-טער-דרעדזש) א מין קליינע נעץ צו כאפּען אויסטערס.

oys'terer *n.* (איס'-טער-ער) איינער וואס האנדעלט מיט אויסטערס.

oys'ter-farm *n.* (איס'-טער-פארם) אן ארט וואו מען האדעוועט אויסטערס.

oys'ter-far'ming *n.* (איס'-טער-פאר'-מינג) דאס האדעווען אויסטערס.

oys'ter-fish'ery *n.* (איס'-טער-פיש'-ער-אי) אויסטער=פישעריי, דער אויסטער=פאנג.

oys'ter-fish'ing *n.* (איס'-טער-פיש'-אינג) דאס פאנגען אויסטערס.

oys'ter-knife *n.* (איס'-טער-נאיף) א מעסער, מיט וועלכען מען עפענט פאנאנדער די דעקלעך פון אן אויסטער=מושעל.

oys'terling *n.* (איס'-טער-לינג) א קליין אויסטערעל.

oys'terman *n.* (איס'-טער-מען) אן אויסטער=הענדלער.

oys'ter-plant *n.* (איס'-טער-פלענט) א מין גראז מיט איינציגע געלבע קערבעלעך אויף די שפּיצען פון די שטענגלעך. דער ווארצעל ווערט געברויכט אין עסען אלס א סאלאט.

oys'ter-shell *n.* (איס'-טער-שעל) אויסטער=שאלעכץ [דער מושעל פון אן אויסטער].

oys'ter-tongs *n.* (איס'-טער-טאנגז) אן אינסטרומענט ארויסצושלעפּען אויסטערס פון טיעפען וואסער.


Oyster-tongs

oys'ter-wom'an *n.* (איס'-טער-הוואומ'-ען) אן אויסטער=הענדלעריו.

ozæ'na *n.* (א-זיע'-נא) א שטינקענדער געשוויר אין נאז.

ozoce'rite *n. and v.* (אָ-זאָ-סי'-ראיט) אזאקעריט אדער ערד=וואקס [א וואקס=פערמיגער מינעראל, וואס ווערט בענוצט אין דער פּראָדוקציאָן פון צערעזין און פּאראפין, וועלכע מען געברויכט אין דער פּראָדוקציאָן פון וועקסענע און סטעארינענע ליכט]; ברויכען אזאקעריט.

ozoke'rite *n. and v.* (אָ-זאָ-קי'-ראיט) ז. *ozocerite*

ozona'tion *n.* (אָ-זאָ-ניי'-שאָן) דאס ברויכען אזאָן. ז. *ozone*

o'zone *n.* (אָ'-זאָון) אזאָן [זויער=שטאף, וואס האט בעקומען נייע איינגענשאפטען דורך דער ווירקונג פון עלעקטריציטעט. דאס אזאָן האט א בעזונדערען שטארקען גערוך, פערניכטעט מיאזמען און שלעכטע ריחות און ווירקט אויף דער אבבלייכונג פון פערשיעדענע פארבען].

o'zone-pa'per *n.* (אָ'-זאָונ-פּיי'-פּער) אזאָן=פּאפּיער [א פּאפּיער, וואס איז דורכגעזאפּט מיט געוויסע כעמישע מאטעריאלען און ווערט בענוצט צו פּרובירען צי איז פאראן אין דער לופט אזאָן]. ז. *ozone*

ozo'nic *a.* (אָ-זאָו'-ניק) אזאָניש; וואס איז שייך צו אזאָן.

ozonif'erous *a.* (אָ-זאָ-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אזאָן.

ozonifica'tion *n.* (אָ-זאָו-ני-פי-קיי'-שאָן) דאס פערוואנדלען אין אזאָן.

ozo'nify *v.* (אָ-זאָו'-ני-פאי) פערוואנדלען אין אזאָן.

ozonog'rapher *n.* (אָ-זאָ-נאָג'-רע-פער) איינער וואס פּרובירט די לופט, אויף וויפיעל אין איהר געפינט זיך אזאָן.

ozonom'eter *n.* (אָ-זאָ-נאָמ'-ע-טער) דער אזאָן=מעסטער [אן אינסטרומענט וואס מעסט די קוואנטיטעטען פון אזאָן אין דער לופט]. ז. *ozone*

ozo'noscope *n.* (אָ-זאָו'-נאָ-סקאָופּ) ז. *ozone-paper*

ozonoscop'ic *a.* (אָ-זאָו-נאָ-סקאָפּ'-איק) וואס צייגט אן די אנוועזענהייט פון אזאָן [ווי למשל אזאָן=פּאפּיער]. ז. *ozone-paper*

P

P, p (פּי) דער זעכצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

p. פערקירצונג פון *page* אדער *piano* [אין מוזיק — שוואך, שטיל].

p. a. ראשי תבות פון די ווערטער *participial adjective* [א פּארטיציפּיום=ביי־ווארט, א פארם פון א צייטווארט וואס דיענט אלס בייווארט] אדער פון די ווערטער *per annum* [יעהרליך].

Pa. אבקירצונג פון *Pennsylvania* [פּענסילווייניא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

pa *n.* (פּא) א קינדערשער אויסדרוק פאר *papa*

paal'stab *n.* (פּאל'-סטעב) ז. *palstaff*

pabouche' *n.* (פּע-בוהש') א טופליע, א שטעק=שוך.

pab'ular *a.* (פּעב'-יו-לאר) נעהרענד; נאהרהאפט; וואס נעהרט.

pab'ulous *a.* (פּעב'-יו-לאס) ז. *pabular*

pab'ulum *n.* (פּעב'-יו-לאם) נאהרונג; שפּייז; גייסטיגע שפּייז.

pac'a *n.* (פּעק'-א) דאס פּאקא [אזא דרום=אמעריקאנישע גריזשענדע חיה פון רויטליכען אדער ברוינעם קאליר מיט ווייסע פלעקען].

Paca

pa'cable *a.* (פּיי'-קעבל) וואס קען בערוהיגט ווערען; וואס איז פריעדליך געשטימט; וואס לאזט זיך איבערבעטען.

paca'tion *n.* (פּע-קיי'-שאָן) די בערוהיגונג; די איינשטילונג.

pa'ce *adv. and prep.* (פּיי'-סיע) מיט דער ערלויבניש [פון אימעצען].

pace *n. and v.* (פּיים) א טריט, א שריט; א לענג=מאס פון אונגעפעהר דריי פוס; דער גאנג; די גאנג=ארט פון א פערד, ווען ביידע פים פון איין זייט זיינען אויפגעהויבען אין איין צייט; א קליינע פּלאטפארמע וואס איז עטוואס העכער פון באדען; א טרעפּ; מאכען שריט, שרייטען, געהן; געהן טריט ביי טריט; מעסטען מיט די טריט; געהן אדער לויפען גלאט, ניט שפּרינגענדיג אדער אויפהויבענדיג מיט איין מאל ביידע פים פון איין זייט [ווענען א פערד].

pace'-eggs *n.* (פּייס'-עגז) פסח'דיגע אייער [הארט געקאכטע און געפארבטע אייער וואס מען גיט קינדער אין קריסטליכען פסח].

pace for pace (פּיים פאר פּיים) שריט ביי שריט.

pa'cer *n.* (פּיי'-סער) איינער, וועלכער מאכט שריט אדער מעסט עפּעס מיט זיינע שריט; א פערד, וועמעס נאטירליכער גאנג איז אזוי, דאס ביידע פים פון יעדער זייט זיינען ביי איהם אין איין צייט אויפגעהויבען אדער ארונטערגעלאזען; א שנעל פערד; יעדע זאך, וואס ווייזט ארוים שנעלקייט און טהעטיגקייט.

pacha' *n.* (פּא-שא') ז *pasha*

pacha'lic *a.* (פא-שא'-ליק) ז. *pashalic*

pachi'si *n.* (פע-טשי'-סי) א מין שפיעל אין ביינדלעך וואס ווערט געשפיעלט פון פיער פערזאנען. ז. *back-game*

pach'yderm *a. and n.* (פעק'-אי-דוירם) מיט א גראבער הויט; א חיה אדער בהמה וואס האט קלויען [קאפיטעם] און איז ניט מעלה-גרה.

Pachyder'mata *n.* (פעק-אי-דויר'-מע-טא) חיות וואס האבען קלויען [קאפיטעם] און זיינען ניט מעלה-גרה [ווי א עלעפאנט, א פערד א. ז. וו.].

pachyder'matous *a.* (פעק-אי-דויר'-מע-טאס) מיט א גראבער הויט; אונעמפפינדליך צו שטעך-ווערטלעך א. ד. ג.

pachye'mia *n.* (פעק-אי-אי'-מי-א) א צו שטארקע געדיכטקייט פון בלוט.

pachyme'nia *n.* (פעק-אי-מי'-ני-א) א פערדיקונג פון דער הויט.

pachymeningi'tis *n.* (פעק-אי-מענ-אינ-דזשאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון הייטעל וואס בעדעקט די געהירן אדער דעם רוקען-מארך.

pachym'eter *n.* (פע-קים'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיקקייט פון פאפיער אדער גלאז.

pacif'erous *a.* (פע-סיפ'-ע-ראס) וואס ברייננט פריעדען.

pac'ifiable *a.* (פעס-אי-פאי-עבל) וואס קען איינגעשטילט אדער בערוהיגט ווערען.

pacif'ic *a.* (פע-סיפ'-איק) וואס שטילט איין; וואס בערוהיגט; פריעדליך; שטיל; רוהיג.

Pacif'ic *a.* (פע-סיפ'-איק) וואס איז שייך צום פאסיפישען אדער שטילען אקעאן [דער גרעסטער אקעאן, וואס ליעגט צווישען די מערב-ברעגען פון אמעריקא און די מזרח-ברעגען פון אזיען].

pacif'ically *adv.* (פע-סיפ'-אי-קעל-אי) אויף א פריעדליכען, שטילען אדער בערוהיגענדען שטייגער.

pacif'icate *v.* (פע-סיפ'-אי-קייט) מאכען שלום; בערוהיגען; שטיל מאכען.

pacifica'tion *n.* (פע-סיפ-אי-קיי'-שאן) דאס מאכען שלום; דאס איינשטילען; דאס בערוהיגען.

pacif'icator *n.* (פע-סיפ'-אי-קיי-טאר) א שלום-מאכער, אן איינשטילער, א בערוהיגער.

pacif'icatory *a.* (פע-סיפ'-אי-קיי-טא-רי) בערוהיגענד, איינשטילענד.

pac'ifier *n.* (פעס'-אי-פאי-ער) אן איינשטילער, א בערוהיגער.

pac'ify *v.* (פעס'-אי-פאי) איינשטילען; בערוהיגען; ברייננען שלום; מאכען פריעדען.

pack *n. and v.* (פעק) א פאק, א פאקעט; א געוויסע מאס פון וואל [240 אדער 480 פונט]; א פעקעל גאלד-בלעטלעך [20 ביכלעך צו 25 בלעטלעך יעדעס]; א לאסט, א שווערינקייט [ווי א פעקעל צרות]; א טאליע קארטען; א מחנה הינד אדער וועלף; א ראטע, א באנדע, א חברה; א מאסע צוזאמענגעטריבענע קריהעס אויף'ן אייז-מעער; ביי פישער — די מאסע געפאנגענע פיש; אין קויהלען-גרובען — א וואנד אדער זייל פון שטיינער אדער גרויסע שטיקער קויהלען, וואס שטיצט אונטער די איבערלאגע [סטעליע] פון דער שאכטע; פערשטאפען מיט עפעס א שפאלט; איינפאקען, צונויפפאקען; צוזאמענלעגען; איינוויקלען דעם קערפער אין א נאסען ליילעך [ביי די וואס היילען זיך דורך וואסער-קור]; געדיכט מאכען; צונויפפרעסען; אין קארטען-שפיעל — טאשען אדער אויסמישען די קארטען מיט א שווינדלערישען צוועק; צוזאמענברייננען מענשען אדער זאכען מיט בעטריגערישע צוועקען; שווינדלען אדער פלאנעווען א שווינדעל; טראגען א פאק אויף די פלייצעס; ארויפלעגען א לאסט; אנלאדען.

pack a commit'tee (פעק ע קא-מיט'-אי) קינסטליך אדער פארטייאיש צוזאמענשטעלען א קאמיטעט פון אזעלכע פערזאנען דורך וועלכע עס איז מעגליך דורכצופיהרען די פארשלעגע, וועלכע זיינען ווינשענסווערטה פאר די וואס ווירקען אויף דער צוזאמענשטעלונג פון קאמיטעט.

pack'age *n.* (פעק'-עדזש) א פעקעל, א קלומעק; א פאק, א פאקעט; די פערפאקונג; דאס פערפאקען; דאס געצאהלט פאר פאקען.

pack a ju'ry (פעק ע דזשו'-רי) קינסטליך צוזאמענשטעלען געריכטס-געשווארענע אזוי, אז זיי זאלען ארויסטראגען אן אורטייל וועגען דעם בעשולדיגטען ווי עס ווילט זיך דעם צד, וועלכער ווירקט אויף דער צוזאמענשטעלונג פון די געריכטס-געשווארענע.

pack'-an'imal *n.* (פעק'-ענ'-אי-מעל) א לאסט-טהיער [א בהמה וואס ווערט בענוצט צו טראגען משא].

pack away' (פעק ע-הוויי') אוועקפאקען; זיך אבטראגען.

pack'-cloth *n.* (פעק'-קלאהטה) פאק-לייווענט.

pack'er *n.* (פעק'-ער) א פאקער, א פאקער; א מאשין צו פאקען סחורות; איינער וואס טראנספארטירט געפעק אויף לאסט-בהמות [ווי פערד, עזלען א. ד. ג.]; א רעגיערונגס-בעאמטער, וואס האט אויפזיכט איבער טראנספארט-געפעק; אין אגריקולטור — דער מעכאניזם אין א שנייד-מאשין, וועלכער פרעסט צונויף די אבגעשניטענע זאנגען און האלט זיי אין דיעזער לאגע ביז זיי ווערען איבערגעבונדען אין סנאפעס; איינער וואס מאכט געפעקעלט פלייש.

pack'et *n. and v.* (פעק'-עט) א פאקעט, א פעקעל; א פאקעט-שיף, א פאסט-שיף [א שיף וועלכע פיהרט בריעף און פאקעטען]; א פאק פון 250 מעטאל-בויגענס אדער בלעך; מאכען א פעקעל; טראנספארטירען אדער שיקען אין א פאסט-שיף.

pack'et-boat *n.* (פעק'-עט-באוט) א פאקעט-שיף, א פאסט-שיף [א שיף, וועלכע פיהרט בריעף און פאקעטען].

pack'et of nee'dles (פעק'-עט אוו ניעדלז) א בריוועל נאדלען.

pack'et-ship *n.* (פעק'-עט-שיפ) ז. *packet-boat*

pack'et-ves'sel *n.* (פעק'-עט-וועס'-על) ז. *packet-boat*

pack'fong *n.* (פעק'-פאנג) ארגענטאן אדער כינעזישעס ניי-זילבער [א געמיש פון ניקעל, צינק און קופער]. ז. *paktong*

pack'horse *n.* (פעק'-האהרס) א לאסט-פערד, א פערד פאר משא; א לאסט-טרעגער; א הארעפאשניק.

pack'-house *n.* (פעק'-האוס) א פאק-הויז, א שפייכלער.

pack'-ice *n.* (פעק'-איס) צוזאמענגעדרענגטע קריהעס אויף'ן אייז-מעער.

pack'ing *n.* (פעק'-אינג) דאס איינפאקען; די פערפאקונג; דאס מאכען געפעקעלט פלייש; דער מאטעריאל, וואס דיענט איינצופאקען, אנצופילען אדער פערשטאפען עפעס; אין דרוקערייען — א שטיק ווייך צייג, מיט וועלכען עס איז בעצויגען דער צילינדער פון דרוק-פרעס, כדי עס זאל זיין ווייכער זיין דרוק אויף'ן דרוק-בויגען; ביי מויערער — שטיקלעך ציעגעל מיט וואפנע, מיט וועלכע מען פילט אן די איבערגעבליבענע לעכער אין א געמויערטער וואנד; דאס שליסען צוזאמען זיך א געהיימען אבמאך, כדי צו בעטריגען אדער בעשווינדלען איינעם; שווינדעל, בעטרוג.

pack'ing-case *n.* (פעק'-אינג-קייס) א קאסטען אין וועלכען מען פאקט איין סחורות אדער אנדערע זאכען.

pack'ing-pa'per *n.* (פעק'-אינג-פיי'-פער) פאק-פאפיער [א דיק פאפיער, אין וועלכען מען פאקט איין סחורות].

pack'ing-press *n.* (פעק'-אינג-פרעס) א פאק-פרעס [א שווערע פרעס, מיט וועלכער מען מאכט גרויסע פעק פון היי, וואל א. ד. ג.].

pack'ing-sheet *n.* (פעק'-אינג-שיעט) א דעקע צוצודעקען אדער פאקען סחורות; אין וואסער-קור — א נאסער ליילעך, וואס דיענט אלס הייל-מיטעל ביי געוויסע קראנקהייטען.

pack'-load *n.* (פעק'-לאוד) די געוועהנליכע משא וואס א לאסט-בהמה קען אויף זיך טראגען [ווי 300 פונט פאר א גרויסען עזעל, 150 פונט פאר א קליינעם א. ד. ג.].

pack'man *n.* (פעק'-מען) א פאקען-טרעגער, א קאראבעלניק, א פעדלער.

pack'-mule *n.* (פעק'-מיול) א לאסט-עזעל.

pack'needle *n.* (פעק'-ניעדל) א פאק-נאדעל [א גרויסע נאדעל צו פערנעהען געפעק].

pack of cards (פעק אוו קארדס) א טאליע קארטען.

pack off (פעק אף) זיך אבטראגען.

pack out (פעק אוט) אויספאקען, אויסלאדען.

The schooner packed out 500 barrels of mackerel.

pack'-road *n.* (פעק'-ראוד) א וועג אדער שטעגעל, איבער וועלכען עס קען געהן נור א לאסט-טהיער, אבער ניט קיין וואגען.

pack'-sad'dle *n.* (פעק'-סעד'ל) א פאק-זאטעל [א זאטעל אויף וועלכען מען לאדט אן משא אויף א לאסט-טהיער, ווי א פערד, אן עזעל א. ד. ג.].

pack'sheet *n.* (פעק'-שיעט) ז. *packing-sheet*

pack'thread *n.* (פעק'-טהרעד) פאק-פאדים, בינד-פאדים; שפאגאט.

pack'-train *n.* (פעק'-טריין) א רייה לאסט-טהיערע.

pack up (פעק אפ) זיין איינפאקען; באנקראט; זיך מוזען פאקען אדער אבטראגען.

pack'ware *n.* (פעק'-הוועהר) די סחורות פון א פאקען-טרעגער אדער פעדלער.

pack'wax *n.* (פעק'-הוועקס) קאסקע [א מין הארט, ווייס פלייש] אין האלז פון בהמות.

pack'way *n.* (פעק'-הוויי) ז. *pack-road*

pact *n.* (פעקט) א קאנטראקט, אן אבמאך.

pac'tion *n.* (פעק'-שאן) ז. *pact*

pac'tional *a.* (פעק'-שאנ-על) קאנטראקט-מעסיג; ווי אן אבמאך.

pad *n. and v.* (פעד) א שטעג; א נאסען-

רויבער; א קישען, א זיץ=קישען: א ווייַ=
כער, קישען=ענליכער אדער אנגעשטאפּ=
טער טייל פון עפּעס; א פּעקעל פּאַ=
פּיער צוזאמענגעקלעפּט ווי א בוך;
דאס הענטעל פון געוויסע געציינ; א קארב;
געהן צו=פוס, געהן לאנגזאם; ארויסגעהן
אויף רויב; אויסגלייכען אדער אויסטרע=
טען [א וועג]; צונויפקלעפּען פּאפּיער
אין א פּעקעל: אונטערשלאגען [א מאנ=
טעל] מיט וואטע; פּאנאנדערשפּרייטען,
פערגרעסערען עפּעס דורך אונניציגען מא=
טעריאל [ווי למשל א בוך אדער ציי=
טונגס=ארטיקעל].

pad′-brack′et *n.* (פּעד′-ברעק′-עט) אין
א שטאל — א לייסט אדער א שטיקעל
קלאָץ, וואס שטארצט ארויס פון וואנד
און אויף וועלכען מען הענגט אויף א זא=
טעל.

pad′-crimp *n.* (פּעד′-קרימפּ) ביי זא=
טעל=מאכער — א פרעס מיט וועלכער עס
ווערט אויסגעבויגען די לעדער צו בעקומען
די פארם פון א זאטעל.

pad′ded cell (פּעד′-עד סעל) אין א
טורמע אדער משוגעים=הויז — א קאמע=
רעל, וואו די ווענד זיינען ארומגעשלאגען
מיט א ווייכען מאטעריאל, כדי דער ארעס=
טירטער אדער משוגענער זאל זיך ניט צו=
קאליעטשען, שלאגענדיג זיך אן וואנד.

pad′ded room (פּעד′-עד רוהם)
ז. *padded cell*

pad′der *n.* (פּעד′-ער) א גאסען=רויבער;
איינער וואס בעדעקט אדער בעשלאגט מיט
קישענס; איינער וואס שטאפּט אן אדער
פילט אוים מיט ווייכען שטאף.

pad′ding *n.* (פּעד′-אינג) דאס בעדע=
קען אדער בעשלאגען מיט קישעלעך: דאס
ווייכע מאטעריאל, מיט וועלכען מען בע=
דעקט אדער בעשלאגט א זאך; דער ווייַ=
כער אונטערשלאג פון א בגד; דאס דרו=
קען אוזארען אויף ציץ אדער קאטון;
דאס דורכנעצען קאטון מיט א געווי=
סען מאטעריאל איידער מען נעהמט זיך
דרוקען אויף איהם אוזארען; יעדע אונ=
וויכטיגע זאך וואס ווערט צוגעשריבען צו
א בוך אדער ארטיקעל ניט צוליעב זיין
אינהאלט, נאר כדי צו מאכען איהם לענ=
גער.

pad′dle *n. and v.* (פּעדל) א רודער;
די לאפּעטקע פון א רודער; די שווים=
לאפּעס פון א וואלפיש א. ד. ג.; א ראד=
שויפעל; איינס פון די קווער=ליעגענדע
ברעטלעך אין ראד פון א דאמפּף=שיף;
א קליינע לאפּעטקע; א קליין טהירעל
וואס עפענט זיך אויף און מאכט זיך צו
אין א שלוזע; רודערען; שווימען אין
וואסער מיט דער הילף פון רודערס [ווי
א שיפעל] אדער מיט דער הילף פון די
פיס [ווי א גאנז, ענטעל א. ד. ג.]; זיך
פּלעסקען, זיך שפּיעלען מיט׳ן וואסער;
פּאטשען, שמייסען; זיך שפּיעלען מיט
די פינגער, גלעטען מיט די פינגער א
זאך.

pad′dle about′ (פּעדל ע-באוט′) זיך
ארומטרייבען.

pad′dle-board *n.* (פּעד′ל-באורד)
איינס פון די קווער=ברעטלעך פון וואסער=
ראד ביי א דאמפּף=מאשין.

pad′dle-box *n.* (פּעד′ל-באקס) דער קאס=
טען אדער איבערדעק איבער דעם רודער=
ראד פון א דאמפּף=שיף, כדי דאס וואסער
זאל ניט שפּריצען אין שיף.

pad′dle-case *n.* (פּעד′ל-קיים)
ז. *paddle-box*

pad′dle one′s own canoe′ (פּעדל
וואנז און קע-נוה′) שטעהן אויף די איי=
גענע פיס; דערשלאגען זיך זעלבסטשטענ=
דיג צו א קאריערע.

pad′dler *n.* (פּעד′-לער) א רודערער;
איינער וואס פּלעסקעט זיך אדער שפּיעלט
זיך מיט וואסער; איינער וואס טהוט עפּעס
אהן שום צוועק, וואס שפּיעלט זיך ארום.

pad′dle-shaft *n.* (פּעד′ל-שעפט) די
וואל וועלכע דרעהט דאס וואסער=ראד
[ביי א דאמפּף=שיף].

pad′dle-staff *n.* (פּעד′ל-סטעף) דער
שאר=אייזען פון אקער=אייזען.

pad′dle-stea′mer *n.* (פּעד′ל-סטיע′-
מער) א דאמפּף=שיף, וועלכע ווערט בע=
טריבען פון רעדער.

pad′dle-wheel *n.* (פּעד′ל-הוויעל) דאס
רודער=ראד פון א דאמפּף=שיף.

pad′dock *n. and v.* (פּעד′-אק) א קליי=
נע ארומגעצאמטע לאנקע, וואו עס פּיטע=
רען זיך פערד; פערשפּארען ווי אין אן
ארומגעצאמטער לאנקע.


Paddock-pipe

pad′dock-pipe *n.* (פּעד′-
אק-פּאיפּ) זומפּ=שטרוי [אזא
מין רעהרען=ארטיגע גראזען,
וואס וואקסען אין זומפּען].

pad′dock-stone *n.* (פּעד′-
אק-סטאון) ז. *toadstone*

pad′dockstool *n.* (פּעד′-
אק-סטוהל) ז. *toadstool*

Pad′dy *n.* (פּעד′-אי) אן
אירלענדער.

pad′dy *n. and a.* (פּעד′-אי) א נארד=
אמעריקאנישע ענטעל; אין אסט=אינדיען—
רייז וואס איז נאך אין די זאנגען; ניד=
ריג, געמיין, ארעם.

pad′dy-field *n.* (פּעד′-אי-פיעלד) א
רייז=פעלד.

pad′-el′ephant *n.* (פּעד′-על′-אי-פענט)
אן עלעפאנט, וועלכען מען געברויכט צום
פאהרען און צו ארבייטען [אין אונטער=
שייד פון אן עלעפאנט, וועלכען מען גע=
ברויכט צו יאגד].

padel′la *n.* (פּיי-דעל′-א) אן אייזערען
אדער ליימען שיסעלע מיט חלב און מיט
א קנייטעל, וואס מען צינדט אן בעת
אילומינאציע.

pad′-groom *n.* (פּעד′-גרוהם) א רייטענ=
דער דיענער [וואס בעגלייט דעם רייטענ=
דען בעל=הבית].

pa′dishah *n.* (פּא′-די-שא) דער פּאדי=
שאך אדער גרויסער קעניג [א טיטול פון
טערקישען סולטאן].

pad′lock *n. and v.* (פּעד′-לאק) א הענג=
שלאס; פערשליסען מיט א הענג=שלאס,
אויפהענגען א שלאס.

pad′-nag *n.* (פּעד′-נעג) א פערד וואס
לויפט לייכט, זאנפט, ניט שפּרינגענדיג.

pad′ow-pipe *n.* (פּעד′-או-פּאיפּ)
ז. *paddock-pipe*

padro′ne *n.* (פּע-דראו′-נע) אן איטא=
ליענישער קאנטראקטאר פון ארבייטער
[וואס שטעלט צו ארבייטער אין גרויסע
מאסען]; א בעל=הבית, א מייסטער; איי=
נער [הויפּטזעכליך אן איטאליענער],
וואס פערדינגט שפּיעל=קעסטלעך אדער בע=
שעפטיגט קינדער צו בעטלען פאר איהם.

padron′ism *n.* (פּע-דראונ′-איזם) דאס
איטאליענישע קאנטראקט=סיסטעם פון צו=
שטעלען ארבייטער; דאס אריינברייגנען
איטאליענישע קינדער אין א פרעמדען
לאנד און זיי צווינגען צו זינגען און צו
בעטלען אין די גאסען.

pad the hoof (פּעד טהי הוהף) געהן
צו=פוס.

pad the streets (פּעד טהי סטריעטס)
מעסטען די גאסען.

pæ′an *n.* (פּיע′-ען) א הימנע, א לויב=
געזאנג, א דאנק=געזאנג; א קריעגס=
ליעד; א טריאומף=ליעד; א זיע=
געס=ליעד; א טומעלדיג, פרעהליך געזאנג;
א פערזען=פוס [אין דער אלטער גריכי=
שער פּאעזיע] פון פיער זילבען: איינע
א לאנגע, די איבריגע דריי — קורצע.

pæ′anism *n.* (פּיע′-ענ-איזם) אויסגע=
שרייען אדער ליעדער פון לויב אדער טרי=
אומף; קריעגס=ליעדער, א קריעגס=רוף.

pæderas′tia *n.* (פּעד-ע-רעס′-טי-א)
פעדעראסטיע. ז. *pederasty*

pædeu′tics *n.* (פּי-דיו′-טיקס) פּעדאגא=
גיע, די לעהרע וועגען אונטעררריכט און
ערציהונג.

pædobap′tism *n.* (פּיע-דא-בעפּ′-טיזם)
ז. *pedobaptism*

pædobap′tist *n.* (פּיע-דא-בעפּ′-טיסט)
ז. *pedobaptist*

pædonosol′ogy *n.* (פּיע-דא-נא-סאל′-
א-דזשי) ז. *pedonosology*

pæ′on *n.* (פּיע′-אן) אין דער אלט=גריכי=
שער פּאעזיע — א פערזען=פוס פון פיער
זילבען: איינע א לאנגע און די איברי=
גע דריי — קורצע.

pa′gan *n. and a.* (פּיי′-גען) א געצענ=
דיענער; איינער וואס געפינט זיך אונ=
טער׳ן איינפלוס פון דער קלאסישער גרי=
כיש=רוימישער קולטור [אלס געגענזאץ צו
דער אידישער אדער קריסטליכער]; גע=
צענדיענעריש; וואס געפינט זיך אונ=
טער׳ן איינפלוס פון דער קלאסישער גרי=
כיש=רוימישער קולטור.

pa′gandom *n.* (פּיי′-גענ-דאם) היידענ=
טום, געצענדיענערטום.

pa′ganise *v.* (פּיי′-גענ-איז)
ז. *paganize*

pa′ganish *a.* (פּיי′-גענ-איש) געצענדיע=
נעריש; וואס געפינט זיך אונטער׳ן איינ=
פלוס פון דער קלאסישער גריכיש=רוימישער
קולטור. ז. *pagan*

pa′ganism *n.* (פּיי′-גענ-איזם) געצענ=
דיענסט; אנהענגערשאפט צו דער קלאסי=
שער גריכיש=רוימישער קולטור [אלס גע=
גענזאץ צו דער אידישער אדער קריסטלי=
כער]; דאס געפינען זיך אונטער דעם איינ=
פלוס פון דיעזער קולטור.

paganiza′tion *n.* (פּיי-גענ-אי-זיי′-
שאן) דאס מאכען אדער ווערען א געצענ=
דיענער אדער געצענדיענעריש; דאס זיין
ניט אידיש=קריסטליך. ז. *paganism*

pa′ganize *v.* (פּיי′-גענ-איז) מאכען פאר
א געצענדיענער: מאכען געצענדיענעריש;
ווערען א געצענדיענער; אונטערווארפען
אונטער׳ן איינפלוס פון דער קלאסישער
גריכיש=רוימישער קולטור [אלס געגענזאץ
צו דער אידישער און קריסטליכער].

page *n. and v.* (פּיידזש) א זייט [פון
א בוך, מאנוסקריפּט א. ז. וו.]; א שריפט;
א בוך; א פּאזש [א בעדיענער, הויפּט=
זעכליך א איינגעל וואס בעדיענט א הויך=
געשטעלטע פּערזאן]; א שלעפּען=טרעגער
[אזא קלאמער מיט א שנור אויפצוהויבען
די שלעפּע פון א פרויען=קלייד]; א מין
זיד=אמעריקאניש זומער=פויגעלע מיט גרי=
נע און שווארצע פלעקען; נומערירען זיי=
טען [פון א בוך, מאנוסקריפּט א. ז. וו.];
צונויפשטעלען דרוק=שריפט אין זייטען;
זיין א פּאזש, בעדיענען אלס פּאזש.

pag′eant *n. and a.* (פּעדזש′-ענט) א
פּאראד, א ספּעקטאקל, א ביהנע=פארשטע=
לונג; א גלענצענדע פּראצעסיאן; א בע=

ווענליכע פלאטפארמע אדער ביהנע; א טריאומף=וואגען; אן ארקע; פראכטפאל, פאראדנע.

pag'eantry *n.* (פעדזש'-ען-טרי) פאראדנעקייט, פרעכטינקייט; טעאטראלישקייט; א גלענצענדע פראצעסיאן; א טריאומף=צוג.

page'-cord *n.* (פיידזש'-קאהרד) אין דרוקעריי — שטריקלעך, מיט וועלכע מען בינדט ארום די שריפט, וואס איז אויסגעשטעלט אין זייטלעך.

page'-gage *n.* (פיידזש'-גיידזש) א מאס צו בעשטימען די לענג פון א זייט פון דרוק=שריפט.

page'hood *n.* (פיידזש'-הוד) דער פאזשען=שטאנד; דאס זיין א פאזש.

page'-proof *n.* (פיידזש'-פרוהף) א זייטען=קארעקטור [געמאכט פון דעם שריפטזאץ, ווען ער איז שוין געשלאסען אין זייטען].

pag'ina *n.* (פעדזש'-אי-נא) די בלאט=פלעכע [פון א פלאנצע].

pag'inal *a.* (פעדזש'-אי-נעל) 1. וואס בעשטעהט פון זייטען, וואס איז שייך צו זייטען [פון א בוך, למשל]; 2. וואס קומט זייטעל נאך זייטעל.
2. A verbal and **paginal** reprint.

pag'inate *v.* (פעדזש'-אי-נייט) נומערירען די זייטען [פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.].

pagina'tion *n.* (פעדזש-אי-ניי'-שאן) נומערירונג פון זייטען [אין א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.]; דאס נומערירען זייטען.

pa'ging *n.* (פיי'-דזשינג) נומערירונג [פון זייטען פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.].

pa'ging-machine' *n.* (פיי'-דזשינג-מע-שין') א מאשין צו נומערירען די זייטען פון א בוך.

pago'da *n.* (פע-גאו'-דא) א פאגאדא [אין כינא, אינדיען, בורמא — א הייליגער טורעם, עהנליך צו א פיראמידע און רייך בעדעקט מיט בעציערונגען אדער שניצונגען]; א קליינע פערציערטע נעביידע, עהנליך צו א פאגאדא, איז וועלכער מען פערקויפט פערשיעדענע קלייניגקייטען; אזא גאלדענע אינדישע מטבע.



Pagodas

pago'da-tree *n.* (פע-גאו'-דא-טריע) א פאגאדא=בוים [א בוים אין אזיען וואס דערמאהנט מיט'ן אויסזעהן אן א פאגאדא]. ז. *pagoda*.

pa'gus *n.* (פיי'-גאס) אין דער אלט=רוימישער מלוכה — א בעפעסטיגט דארף, וואו די ארומיגע איינוואהנער פלעגען זיך צוזאמענקלייבען, ווען א שונא פלעגט אויף זיי אנפאלען; אין פארצייטיגען ענגלאנד — א טייל פון א גראפשאפט.

pah *int. and n.* (פא) פע! [אן אויסדרוק פון עקעל אדער פעראכטונג]; אין ניי=זעעלאנד — א בעפעסטיגטער לאגער פון די מאארי [די דארטיגע איינגעבארענע].

Pah'lavi *n. and a.* (פא'-לע-ווי) פאלאווי, די שפראך פון די אלט=פערזישע הייליגע ביכער; וואס איז שייך צו דער פאלאווי=שפראך.

paid (פייד) געצאהלט, בעצאהלט. ז. *pay*.

paid and aquit'ted (פייד ענד ע-קהוויט'-עד) בעצאהלט און קוויטירט.

paid down (פייד דאון) בעצאהלט מזומן; איינגעצאהלט.

paideu'tics *n.* (פע-דיו'-טיקס) ז. *pædeutics*.

paid up (פייד אפ) אין גאנצען אויסגעצאהלט.

pail *n.* (פייל) אן עמער.

pail'-brush *n.* (פייל'-בראש) א מין הארט בערשטעל, וואס ווערט בענוצט אין מילך=קראמען א. ד. ג. צו רייניגען כלים.

pail'ful *n.* (פייל'-פול) אן עמער=פול [וויפיעל עס קען ענטהאלטען א פולער עמער].

paillasse' *n.* (פע-ליעס') א שטרוי=מאטראץ; אן אונטער=מאטראץ.

pain *n. and v.* (פיין) שמערץ, יסורים, ליידען, פיין; אנגסט, זארג; מיה, מאטערניש; א שטראף; פעראורזאכען שמערץ, אנטהאן יסורים, קוועלען, פייניגען, קרענקען.

pained *a.* (פיינד) וואס ליידט וועהטאג אדער יסורים; וואס ציינט ארויס שמערץ.

pain'ful *a.* (פיינ'-פול) שמערצליך; פיינליך; מיהזאם, שוועהר; וואס פאדערט אנשטרענגונג אדער פיעל אויפמערקזאמקייט.

pain'fully *adv.* (פיינ'-פול-אי) אויף א שמערצליכען, פיינליכען אדער מיהזאמען אופן.

pain'fulness *n.* (פיינ'-פול-נעס) שמערצליכקייט; פיינליכקייט, מיהזאמקייט.

pai'nim *n. and a.* (פיי'-נים) ז. *paynim*.

pain'less *a.* (פיינ'-לעס) שמערצלאז, אהן שמערצען, אהן מיה.

pain'lessly *adv.* (פיינ'-לעס-לי) ניט ליידענדיג קיין וועהטאג אדער יסורים.

pain'lessness *n.* (פיינ'-לעס-נעס) שמערצלאזיגקייט; פיינלאזיגקייט.

pain of death (פיין אוו דעטה) טויט=שטראף.

pains *n.* (פיינז) וועהטאגען פון א געווינערין, חבלי לידה.

pains'taker *n.* (פיינז'-טיי-קער) א פלייסיגער, ארבייטזאמער מענש.

pains'taking *n. and a.* (פיינז'-טיי-קינג) פלייסינקייט, מיהזאמקייט; ארבייטזאם, הארעפאשנע.

pains'takingly *adv.* (פיינז'-טיי-קינג-לי) אויף א פלייסיגען, מיהזאמען שטייגער.

pains'worthy *a.* (פיינז'-הוואיר-טהי) וואס עס פאדערט א שטארקע זארגפעלטיגע אויפמערקזאמקייט.

paint *v. and n.* (פיינט) פארבען, אב=פארבען; מאלען מיט פארבען; דעקארירען, בעציערען; אנשטרייכען, שילדערען, פארשטעלען; בעשעפטיגען זיך מיט מאלעריי; פארבען דאס פנים, זיך שמינקען; שכור'ען; פארב; שמינקע [די פארב, מיט וועלכער מען פארבט דאס פנים]; אין דער פראדוקציאן פון גומי אדער רעזינע — דער שטאף וואס ווערט צוגעגעבען צו קאוטשוק צו מאכען איהם הארטער.

pain'table *a.* (פיינ'-טעבל) וואס קען געפארבט אדער געמאלט ווערען.

paint an eye (פיינט ען אי) מאכען א בלוי אויג [אנברעכען די ביינער].

paint'-box *n.* (פיינט'-באקס) דאס פארב=קעסטעל [פון א מאלער].

paint'-bridge *n.* (פיינט'-ברידזש) א הענגענדע פלאטפארמע, אויף וועלכער דער מאהלער שטעהט ביים מאהלען טעאטער=דעקאראציעס.

paint'-brush *n.* (פיינט'-בראש) דאס פענזעל פון א מאלער אדער פארבער.

pain'ted *a.* (פיינ'-טעד) אויסגעפארבט; געמאלט; קאלירט; געקינסטעלט, ניט רעאל, ניט עכט.

pain'ter *n.* (פיינ'-טער) א פארבער; א מאלער; א שטריק [צו בעפעסטיגען א שיף]; א פאנטער, א לעמפערט.

pain'ter's col'ic (פיינ'-טערז קאל'-איק) בליי=קאליק [א קראנקהייט וואס בעקומט זיך פון איינאטהעמען בליי=שטויב. פארבער ליידען מייסטענס פון דיעזער קראנקהייט].

pain'ter-stai'ner *n.* (פיינ'-טער-סטיי'-נער) א וואפען אדער שילדען=מאלער; א מיטגליעד פון א געוויסען לאנדאנער צעך אדער גילדע.

pain'tiness *n.* (פיינ'-טי-נעס) דאס האבען אויף זיך צופיעל פארב [ווענען א בילד].

pain'ting *n.* (פיינ'-טינג) מאלעריי; א געמעלדע, א בילד.

pain'ting in oil (פיינ'-טינג אין איל) אויל=מאלעריי.

paint the town red (פיינט טהי טאון רעד) שטיפען, קונדס'עווען, אנמאכען אונארדנונג און טומעל.

paint'-tube *n.* (פיינט'-טיוב) א רעהרעל פון דינעם, בוינזאמען מעטאל, וואס ענטהאלט מאלעריי=פארב.

paint'work *n.* (פיינט'-הוואירק) מאלעריי=ארבייט.

pain'ty *a.* (פיינ'-טי) צופיעל אנגעפארבט; בעפלעקט מיט פארב.

pair *n. and v.* (פעהר) א פאר; א פאר=פאלק; אין קויהלען=גרובען — א גרופע ארבייטער, וואס ארבייטען אין איין צייט; אין נעזעצגעבערישע קערפערשאפטען [ווי פארלאמענט א. ד. ג.] — צוויי מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו נעגענזעצליכע פארטייען, ווען זיי מאכען אב צווישען זיך ניט אבצוגעבען זייערע שטימען; אין פאוקער=שפיעל — א פאר קארטען פון דעמזעלבען מין [ווי צוויי טייז, צוויי צווייטלעך א. ד. ג.]; פארען, מאכען א פאר; צונויפפארען, פעראייניגען א זכר מיט א נקבה; צופאסען איינס צו דעם אנדערען; זיך פארען; זיך פעראייניגען פארוויין.

pair and pair (פעהר ענד פעהר) פארוויין.

paired *a.* (פעהרד) איינגעטיילט אדער איינגעארדענט פארוויין; צוזאמענגעפארט [ווי א זכר מיט א נקבה]; געפארט [ווענען א מיטגליעד פון א נעזעצגעבערישער קערפערשאפט, וועלכער קען ניט קומען אויף א זיצונג און ניט וועלענדיג פערלירען זיין שטימע, רעדט ער אב מיט

א מיטגליעד פון דער געגנערישער פאר־טיי, אז יענער זאל אויך ניט שטימען].
pair'ing *n.* (פעהר'־אינג) אין א געזעצ־געבערישער פערזאמלונג — אן אבמאך פון צוויי מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו צוויי געגנער־פארטייען, אז ביידע זאלען ניט שטימען איבער א געוויסער פראגע.
pair'ing-sea'son *n.* (פעהר'־אינג־סיע'זן) די פארונגס־צייט [די צייט ווען חיות אדער פויגלען פארען זיך].
pair'ing-time *n.* (פעהר'־אינג־טאים) ז. *pairing-season*
pair'-oar *n.* (פעהר'־אור) א רודער־שיפעל וואס האט צוויי רודערס.
pair of col'ors (פעהר אוו קאל'־ארז) די צוויי פאהנען וואס מען טראגט פארויס א רעגימענט סאלדאטען אדער א פער־איין אין ענגלאנד און אמעריקא [איין פאהן א נאציאנאלע און די צווייטע א ספעציעלע פון דיזען רעגימענט אדער פעראיין].
pair off (פעהר אף) אוועקגעהן אדער אבטיילען זיך פון א קאמפאניע פארוויז; ניט שטימען אויף א פערזאמלונג, אב־מאכענדיג מיט איינעם פון דער געגנער־פארטיי, אז ער זאל אויך ניט שטימען.
pair roy'al (פעהר ראי'־על) אין קארט־שפיל — דריי פון דעמזעלבינען מין [ווי דריי מלכים, דריי מלכות א. ד. ג.].
pair'-toed *a.* (פעהר'־טאוד) וואס האט די פינגער פארוויז, צוויי פון פארענט און צוויי פון הינטען [וועגען די פיס פון געוויסע פויגלען].
pair'wise *adv.* (פעהר'־הוואיז) פאר־וויז; אין פאר.
paja'mas *n.* (פע־דזשא'־מאז) אזא זארט ברייטע הויזען וואס ווערען געטראגען פון מאנספערזאנען און פרויען־צימער אין אינדיען; א שלאף־אנצוג אדער מארגען־אנצוג וואס בעשטעהט פון לייכטע הויזען מיט א קורצען רעקעל.
pak'tong *n.* (פעק'־טאנג) כינעזישעס נייזילבער [א מעטאל־געמיש פון ניקעל, צינק און קופער].
pala'bra *n.* (פע־לא'־ברא) א ווארט; א גערייד.
pal'ace *n.* (פעל'־עס) א פאלאץ.
pal'ace-car *n.* (פעל'־עס־קאר) א סא־לאן־וואגאן.
pal'ace-court *n.* (פעל'־עס־קאורט) דאס הויף־געריכט [אמאל אין ענגלאנד].
pal'adin *n.* (פעל'־ע־דין) דער פאלאדין, איינער פון די צוועלף ריטער, וועלכע זיי־נען געווען די מקורבים פון דעם פראנצויזי־שען קעניג קארל דעם גרויסען; א וואנדע־רענדער ריטער [ז. *knight-errant*].
palæobot'any *n.* (פיי־לי־א־באט'־ע־ני) ז. *paleobotany*
pa'læograph *n.* (פיי'־לי־א־גרעף) ז. *paleograph*
palæog'raphy *n.* (פיי־לי־אג'־רע־פי) ז. *paleography*
pa'læolith *n.* (פיי'־לי־א־ליטה) ז. *paleolith*
palæolith'ic *a.* (פיי־לי־א־ליטה'־איק) ז. *paleolithic*
palæol'ogy *n.* (פיי־לי־אל'־א־דזשי) ז. *paleology*
palæontog'raphy *n.* (פיי־לי־אנ־טאג'־רע־פי) ז. *paleontography*
palæontol'ogy *n.* (פיי־לי־אנ־טאל'־א־דזשי) ז. *paleontology*
palæornithol'ogy *n.* (פיי־לי־אהר־ני־טהאל'־א־דזשי) ז. *paleornithology*

Palæozo'ic *a.* (פיי־לי־א־זאו'־איק) ז. *Paleozoic*
palæozool'ogy *n.* (פיי־לי־א־זא־אל'־א־דזשי) ז. *paleozoology*
palæs'te *n.* (פע־לעס'־טי) אן אלט־גרי־כישע לענגען־מאס, א טפח [א פיערטעל פון א פוס].
palæs'tra *n.* (פע־לעס'־טרא) ז. *palestra*
palæs'trian *a.* (פע־לעס'־טרי־ען) ז. *palestrian*
palæs'tric *a.* (פע־לעס'־טריק) ז. *palestric*
palankeen' *n.* (פעל־ען־קין') ז. *palanquin*
palanquin' *n.* (פעל־ען־קין') א פאלאנ־קין, א טראג־בעטעל בעדעקט מיט א דע־כעל, וואס ווערט בענוצט אין אסט־אינ־דיען און כינא, אנשטאט אן עקיפאזש אדער קארעט.

Palanquin

palatabil'ity *n.* (פעל־ע־טע־ביל'־אי־טי) דאס זיין געשמאק אדער אנגענעהם.
pal'atable *a.* (פעל'־ע־טעבל) געשמאק; אנגענעהם, מחיה'דיג.
Our cook serves us with very palatable food.
pal'atableness *n.* (פעל'־ע־טעבל־נעס) ז. *palatability*
pal'atably *adv.* (פעל'־ע־טע־בלי) אויף א געשמאקען, אנגענעהמען אופן.
pal'atal *a. and n.* (פעל'־ע־טעל) וואס איז שייך צום גומען; וואס ווערט אויסגע־שפראכען מיט'ן גומען; דער גומען־ביין; א גומען־קלאנג [א קלאנג וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער הילף פון גו־מען, ווי "ג", "ק"].
pal'ate *n. and v.* (פעל'־אייט) דער גו־מען; דער געשמאק; פיהלען א געשמאק; פערזוכען.
pala'tial *a. and n.* (פע־ליי'־שעל) וואס געהערט צום גומען; וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א פאלאץ; פרעכטיג; א גומען־קלאנג [א קלאנג וואס ווערט אויס־געשפראכען מיט דער הילף פון גומען, ווי "ג", "ק" א. ז. וו.].
palat'inate *n.* (פע־לעט'־אי־נייט) דאס אמט, די ווירדע אדער די הערשאפט פון א פאלאטין. ז. *palatine*
pal'atine *n. and a.* (פעל'־ע־טין) דער פאלאטין [א סאלדאט פון דער עהרען־וואך אין קייזערליכען פאלאץ אין אלטען רוים און אין קאנסטאנטינאפאל]; דער פפאלץ־גראף [דער אויבעררעכטער אין הויף פון די מיטעלאלטערליכע דייטשע און פראנ־צויזישע קעניגע]; איינער פון די גומען־ביינער; וואס איז שייך צו א פאלאץ; וואס דיענט אין קעניגליכען פאלאץ; וואס בענוצט זיך מיט קעניגליכע פריווילעגיעס; וואס איז שייך צום גומען־ביין.
palati'tis *n.* (פעל־ע־טאי'־טיס) אן ענט־צינדונג פון גומען.

pala'tum *n.* (פע־ליי'־טאם) דער גומען.
palav'er *v. and n.* (פע־לעוו'־ער) פיה־רען א לאנגען שמועס אדער אונטעררע־דונג; פלוידערען; פערריידען די צייהן; שמייכלען, חנפ'ענען; א לאנגער שמועס; אן אונטעררעדונג; פלאפלעריי.
palaz'zo *n.* (פא־לאט'־סאו) א פאלאץ.
pale *a., n. and v.* (פייל) בלייך, בלאס; א פלאקען, א פערשפיצטער גרויסער שטע־קען; אן אבגעצאמטער ארט; א גרע־נעץ, א ספערע; די משערטא, דער תחום המושב; א לאפעטע [צו זעצען ברויט אין אויווען]; אן אינסטרומענט צו פרו־בירען קעז; ארומצאמען מיט פלעקער; איינשליסען, ארומרינגלען מיט עפעס; מא־כען בלאס, פערטונקלען; בלייך ווערען.
palea'ceous *a.* (פיי־לי־איי'־שאס) אזוי ווי מעקענע; פול מיט מעקענע [פאלא־ווע].
pale ale (פייל אייל) העל־ביער [אזא מין ביער].
pale as death (פייל עז דעטה) טויט־בלייך.
pale'-eyed *a.* (פייל'־איד) מיט מאטע אויגען.
pale'face *n.* (פייל'־פייס) דאס בלאסע פנים [אזוי רופען די אמעריקאנער אינ־דיאנער די ווייסע מענשען].
pale'-faced *a.* (פייל'־פייסט) מיט א בלאסען געזיכט.
pale'-heart'ed *a.* (פייל'־האר'־טעד) שרעקעדיג, מוטלאז, נידערגעשלאגען.
pa'leiform *a.* (פיי'־לי־אי־פארם) וואס האט די פארם אדער דעם אויסזעהן פון מעקענע.
pale'ly *adv.* (פייל'־לי) בלאס, בלייך; מיט א בלאסען אויסזעהן.
pale'ness *n.* (פייל'־נעס) בלאסקייט, בלייכקייט.
pa'leo-anthrop'ic *a.* (פיי'־לי־או־ען־טהראפ'־איק) וואס איז שייך צום פאר־היסטארישען מענשען.
paleobot'any *n.* (פיי־לי־א־באט'־ע־ני) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פלאנצען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.
paleocos'mic *a.* (פיי־לי־א־קאז'־מיק) וואס איז שייך צו דער ערד ווי זי איז געווען אין די פארצייטיגע געאלאגישע פע־ריאדען.
pa'leo-ethnol'ogy *n.* (פיי'־לי־או־עטה־נאל'־א־דזשי) די עטנאלאגיע פון די פארצייטיגע דורות [די לעהרע וועגען די פרימיטיווסטע פעלקער און ראסען אויף דער ערד].
Pale of Set'tlement (פייל אוו סעט'ל־מענט) די "משערטא", דער תחום [די בעשטימטע גובערניעס אין רוסלאנד, וואו אידען איז ערלויבט צו וואהנען אין די שטעדט].
pa'leograph *n.* (פיי'־לי־א־גרעף) א פאליאגראף, אן אלטער מאנוסקריפט.
paleog'rapher *n.* (פיי־לי־אג'־רע־פער) איינער וואס שטודירט אלטע מא־נוסקריפטען.
paleograph'ic *a.* (פיי־לי־א־גרעפ'־איק) פאלעאגראפיש, וואס איז שייך צו דער פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען.
paleograph'ical *a.* (פיי־לי־א־גרעפ'־אי־קעל) ז. *paleographic*
paleograph'ically *adv.* (פיי־לי־א־גרעפ'־אי־קעל־אי) דורך שטודירען אדער פארשען אלטע מאנוסקריפטען; בנוגע צו פאלעאגראפיע [פארשונג פון אלטע מא־נוסקריפטען].

paleog'raphist *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פיסט) ז. *paleographer*

paleog'raphy *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פי) פאלעאגראפיע; דאס שטודירען פארצייטיגע ארטען און מעטאדען פון שרייבען; די פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען.

pa'leolith *n.* (פיי'-לי-א-ליטה) א פאלעאליט [אן ארומגעקלאפטער אבער ניט קיין געשליפענער שטיין אלס ארבייטס=אינסטרומענט פון די סאמע פרימיטיווסטע מענשען].

paleolith'ic *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-איק) פאלעאליטיש, וואס איז שייך צו די עלטעסטע צייטען פון דער פארהיסטארישער שטיין=פעריאדע, ווען די איינציגע ארבייטס=אינסטרומענטען פון די דאמאלדיגע מענשען זיינען געווען בלויז שטיקער איינפאכע ניט געשליפענע שטיינער.

paleolith'ical *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-אי-קעל) ז. *paleolithic*

paleol'ogist *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשיסט) א פאלעאלאגיסט, איינער וואס שטודירט אלטערטימליכקייטען.

paleol'ogy *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשי) פאלעאלאגיע, דאס שטודירען אלטערטימליכקייטען.

paleontograph'ical *a.* (פיי-לי-אן-טא-גרעפ'-אי-קעל) פאלעאנטאגראפיש, וואס איז שייך צו דער בעשרייבונג פון פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleontog'raphy *n.* (פיי-לי-אן-טאג'-רע-פי) פאלעאנטאגראפיע, די בעשרייבונג פון פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleontolog'ic *a.* (פיי-לי-אן-טא-לאדזש'-איק) ז. *paleontological*

paleontolog'ical *a.* (פיי-לי-אן-טא-לאדזש'-אי-קעל) פאלעאנטאלאגיש, וואס איז שייך צו פאלעאנטאלאגיע. ז. *paleontology*

paleontol'ogist *n.* (פיי-לי-אן-טאל'-א-דזשיסט) א פאלעאנטאלאגיסט, איינער וואס שטודירט די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע אויסגעשטארבענע חיות און פלאנצען.

paleontol'ogy *n.* (פיי-לי-אן-טאל'-א-דזשי) פאלעאנטאלאגיע, די לעהרע וועגען די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleophytol'ogy *n.* (פיי-לי-א-פאי-טאל'-א-דזשי) ז. *paleobotany*

paleornithol'ogy *n.* (פיי-לי-אהר-ני-טהאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פויגלען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.

paleotech'nic *a.* (פיי-לי-א-טעק'-ניק) וואס איז שייך צו פארהיסטארישער אדער פרימיטיווער קונסט.

pa'leous *a.* (פיי'-לי-אס) פול מיט מעקענע [פלעווע, פאלאווע]; עהנליך צו מעקענע.

Paleozo'ic *a.* (פיי-לי-א-זאו'-איק) פאלעאזאאיש, וואס איז שייך צו די עלטעסטע פעריאדען אין דער געשיכטע פון דער ערד, ווען עס האבען שוין עקזיסטירט פערשידענארטיגע ארגאניזמען.

paleozool'ogy *n.* (פיי-לי-א-זא-אל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע חיות, וואס מען געפינט אין דער ערד.

Palestin'ian *a.* (פעל-עס-טינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו פאלעסטינא אדער ארץ ישראל.

pales'tra *n.* (פע-לעס'-טרא) אין אלט=גריכענלאנד — די פאלעסטרא, אן עפענטליכער פלאץ פאר גימנאסטישע און אטלעטישע איבונגען; דאס ראנגלען זיך, אטלעטישע שפיעלען.

pales'tral *a.* (פע-לעס'-טרעל) ז. *palestric*

pales'trian *a.* (פע-לעס'-טרי-ען) ז. *palestric*

pales'tric *a.* (פע-לעס'-טריק) וואס איז שייך צו א פאלעסטרא אדער צו גימנאסטישע און אטלעטישע איבונגען. ז. *palestra*

pales'trical *a.* (פע-לעס'-טרי-קעל) ז. *palestric*

pal'etot *n.* (פעל'-ע-טאו) א פאלטא, אן אויבער=מאנטעל.

pal'ette *n.* (פעל'-עט) א פאליטרע [א דין פלאך ברעטעל מיט א לעכעל פאר'ן גראבען פינגער, וואס מאלערס געברויכען ארויפצולעגען פארב ווען זיי מאלען [ז. איל.]; דאס פאנאנדערלעגען די פארבען אויף א פאליטרע; עטוואס וואס איז ברייט און פלאך ווי א פאליטרע; ביי מעטאל=ארבייטער — די פלאכע פלאטע פון אן עגבער אדער בויערער, אויף וועלכער דער ארבייטער שפארט זיך אן מיט דער ברוסט בעת ער בויערט; א לייכטע הילצערנע לאפעטקע, וואס ווערט בענוצט פון מאסאזשיסטען בעת'ן מאסאזש; א לייכט ברעטעלע, אין וועלכען מען באנדאזשירט א צובראכענע האנד; א קליינע מעטאלענע פלאטע, וועלכע בעדעקט דאס ארט וואו עס בינדען זיך צונויף די ענדען פון א פאנצער; א מין פאפונאי.


Palette

pal'ette-knife *n.* (פעל'-עט-נאיף) אזא דינע לאפעטקע עהנליך צו א מעסער, וואס ווערט בענוצט פון מאלער צו מישען די פארבען; אין דרוקערייען — א שטאהלענע פלאטע, מיט וועלכער די דרוקער גיבען צו פארב וואו עס איז נויטיג אין דרוקפרעס.

pal'frey *n.* (פאהל'-פרי) א רייט=פערד.

pal'freyed *a.* (פאהל'-פריד) וואס רייט אויף א רייט=פערד.

Pa'li *n. and a.* (פא'-לי) פאלי [די שפראך וואס ווערט געברויכט אין די הייליגע שריפטען פון די בודיסטען אין די דרום=ערטער פון אסט=אינדיען און אין ציילאן]; וואס איז שייך צו דער פאלי=שפראך.

palifica'tion *n.* (פעל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס אריינשלאגען פלעקער אדער סלופעס אין דער ערד, כדי צו פערפעסטיגען דעם גרונט.

palil'logy *n.* (פע-ליל'-א-דזשי) די ווידערהאלונג פון א ווארט אום צו פערשטארקען דעם איינדרוק [ווי למשל: הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען!].

pal'impsest *n.* (פעל'-אימפ-סעסט) א פאלימפסעסט [א מאנוסקריפט וואס דער טעקסט איז טיילווייז אויסגעמעקט און איבערגעשריבען]; דאס וואס איז אויפסניי צוגעשריבען אנשטאט דעם אויסגעמעקטען.

pal'indrome *n.* (פעל'-אינ-דראום) דער פאלינדראם, א ווארט אדער א זאץ, וואס לעזט זיך אויף א גלייכען אופן פון רעכטס צו לינקס אדער פון לינקס צו רעכטס [ווי די ווערטער "מאדאם", "שמש" א. ד. ג.].

pa'ling *n.* (פיי'-לינג) פלעקער; א צאם פון אויסגעשטעלטע פערשפיצטע פלעקער אדער סלופעס.

palingene'sia *n.* (פעל-אינ-דזשע-ני'-סי-א) ז. *palingenesis*

palingen'esis *n.* (פעל-אינ-דזשענ'-ע-סיס) פאלינגענעזיע, די ווידערגעבורט, ווידערבעשאפונג [ווי ביי די מעטאמארפאזען פון אן אינזעקט].

palingen'esy *n.* (פעל-אינ-דזשענ'-ע-סי) ז. *palingenesis*

pal'inode *n.* (פעל'-אי-נאוד) די פאלינאדע, א פאעטיש געדיכט, וואו דער פאעט ציהט צוריק זיינע ווערטער, וואס ער האט געזאגט אין א פריהערדיגער סאטירע; דאס צוריקציהען די פריהערדיגע ווערטער.

palisade' *n. and v.* (פעל-אי-סייד') א פאליסאדע, א פארקאן וואס איז געמאכט געווארען פון אריינגעקלאפטע פערשפיצטע קלעצער אדער פלעקער אין דער ערד; ארומצאמען אדער ארומרינגלען מיט א פאליסאדע.

Palisade

palisa'do *n. and v.* (פעל-אי-סיי'-דאו) ז. *palisade*

palisan'der *n.* (פעל-אי-סענ'-דער) פאליסאנדער=האלץ [א מין רויט אויסטראליש האלץ, וואס ווערט געברויכט פאר טייערען מעבעל].

pa'lish *a.* (פיי'-ליש) בלייכליך; עטוואס בלאס.

palixan'der *n.* (פעל-איק-סענ'-דער) ז. *palisander*

pall *n. and v.* (פאהל) א דעקע; א מאנטעל; א שווארצע טוך, מיט וועלכער מען דעקט איבער אן ארון אדער מטה; דאס, וואס ברייננט טרויער אדער שרעק; אן איבערדעק, א באלדאכין, א חופה; א מין פרכת, מיט וועלכען מען בעדעקט דעם אלטאר אין קירך; א מאנטיע, דער לאנגער, ברייטער אויבער=מאנטעל, וואס א קעניג אדער אן ערצבישאף טראגט אין דער צייט פון פייערליכע צערעמאניען; איבעלקייט, דאס פיהלען איבעלקייט; אויסדופטען, אויסוועפען, שוואך ווערען, אנווערען דעם טעם [ווי אויסגעוועפטער שנאפס]; מאכען שוואך, ענטמוטיגען.

pal'la *n.* (פעל'-א) א פאלא [אזא ברייטע טוך, וועלכע רוימישע פרויען פלעגען טראגען אלס אויבער=מאנטעל]; א טוך, מיט וועלכער מען בעדעקט דעם אלטאר אין א קירך.

palla'dium *n.* (פע-ליי'-די-אם) דאס בילד אדער סטאטוע פון דער אלט=גריכישער געטין פאלאדא, די בעשיצערין פון דער שטאדט טראיא; דאס, וואס מען רעכענט פאר א שוץ אדער זיכערונג פון עפעס; פאלאדיום [א זעלטענער מעטאל, וועלכער איז עהנליך צו פלאטין. איז איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען].

Palla

Pal'las *n.* (פעל'-עס) אין דער אלט=גרי=

כישער מיטאלאגיע — פאלאס אדער אטהענע, די געטין פון חכמה און מלחמה; איינער פון די קליינע פלאנעטען, וואס דרעהען זיך ארום דער זון און געפינען זיך צווישען מארס און יופיטער.

pall′-bear′er *n.* (פאהל′-בעהר′-ער) איינער וואס געהט נאך דער מטה ביי א לויה.

palles′cence *n.* (פע-לעס′-ענס) בלייכקייט, בלאסקייט.

palles′cent *a.* (פע-לעס′-ענט) בלאס ווערענד; בלאסליך, אביסעל בלייך.

pal′let *n.* (פעל′-עט) א שטרויענער געלעגער; א מאטראץ פון שטרוי; דאס דרעה-ברעטעל פון א טעפער [א רונדער הילצערנער אינסטרומענט, וועלכען טעפער בענוצען צו מאכען רונד און גלאט די לייםענע כלים]; א פאליטרע [ז. *palette*]; אין פערגילדונגס-ארבייט — דער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען לעגט ארויף דאס גאלד-בלעטעל אויף'ן ארט וואו מען דארף בעגילדען; אין בוכבינדעריי — די מעטאלענע פלאטע, אין וועלכער עס ווערען איינגעפאסט די בוכשטאבען, וואס מען דארף אבדרוקען אויף'ן רוקען פון א בוך; אין אן ארגעל — די הילצערנע קלאפע, וועלכע לאזט אריין און שטופט ארויס די צוזאמענגעדריקטע לופט; דאס ברעט, אויף וועלכען מען טראגט אריבער נאך ניט אויסגעטריקענטע ציעגעל צו דעם ארט וואו מען טריקענט זיי; איינער פון די צוויי שפיצען פון א העמונגס-האקען, וועלכע פערהאלטען אדער רעגולירען די בעוועגונג פון א צאהן-רעדעל. ז. *escapement*

pal′lia *n.* (פעל′-אי-א) פאליומס; אלטאר-דעקען; פעדער-עהנליכע וואלקענס; אזעלכע גלח'שע טלית'לעך. ז. *pallium*

pal′lial *a.* (פעל′-אי-על) וואס איז שייך צו א פאליום, מאנטעל אדער צודעק; וואס איז שייך צו דער אויבערשטער געפאלדעוועטער הויט פון א מאלוסק. ז. *pallium*

palliasse′ *n.* (פעל-יעס′) ז. *paillasse*

pal′liate *v.* (פעל′-אי-אייט) פערדעקען, בעהאלטען; מאכען, אז איינער זאל זיך ארויסווייזען ווייניגער שולדיג דורך פערדעקען אייניגע פון זיינע חטאים; מילדערען, פערלייכטערען, פערגרינגערען [ווי פערלייכטערען א וועהטאג, ניט אויסהיילענדיג די קראנקהייט].

pallia′tion *n.* (פעל-אי-איי′-שאן) דאס פערקלענערען איינעמס שולד דורך פערדעקען אייניגע פון זיינע חטאים; דאס פערלייכטערען, דאס פערגרינגערען.

pal′liative *a. and n.* (פעל′-אי-איי-טיוו) פערלייכטערענד, פערגרינגערענד; א פערלייכטערונגס-מיטעל, א לינדערונגס-מיטעל; א פאליאטיוו [א מיטעל צו פערלייכטערען עפעס, אבער ניט פערמיידען עס].

pal′liatory *a.* (פעל′-אי-ע-טא-רי) פערלייכטערענד, פערמילדערענד.

pal′lid *a.* (פעל′-איד) בלאס, בלייך.

pallid′ity *n.* (פע-ליד′-אי-טי) בלאסקייט, בלייכקייט.

pal′lidly *adv.* (פעל′-איד-לי) בלאס, בלייך.

pal′lidness *n.* (פעל′-איד-נעס) ז. *pallidity*

pal′lium *n.* (פעל′-אי-אם) ביי די אלטע רוימער — דאס פאליום [א ברייטע טוך, וואס פלעגט דיענען אלס אויבער-מאנטעל פאר מענער]; אזא מין טלית'על וואס געוויסע קאטוילישע בישאפען טראגען ביי קירכליכע צערעמאניעס [ז. איל.]; אן אלטאר-דעקע; די אויבערשטע געפאלדעווטע הויט פון א מאלוסק; א פעדערען-עהנליכער וואלקען, וואס בעדעקט דעם גאנצען הימעל.



Pallium

pall-mall′ *n.* (פעל-מעל′) א מין שפיעל, וואו מען קלאפט אב א באל מיט א הילצערנעם האמער, דורכטרייבענדיג איהם דורך א קליין טויערעל; דער האמער וואס ווערט בענוצט אין דיעזען שפיעל; דער ארט פון דיעזען שפיעל.

pal′lor *n.* (פעל′-אר) בלייכקייט, בלאסקייט.

palm *n. and v.* (פאהם) די האנד-פלעכע, די דאלאניע פון דער האנד; א טפח, א האנד-ברייט [אלס לענגען-מאס]; א פאלמע, א בוים פון די הייסע לענדער, ביי וועלכען די צווייגען און בלעטער וואקסען זיך פאנאנדער פון שפיץ אין דער פארם פון א פעכער; א צווייג אדער בלאט פון א פאלמע; דער ברייטער, פלאכער טייל פון א הירש-הארן; דער ברייטער, פלאכער טייל פון אן אנקער; אריינגעהמען אין האנד, בעהאנדלען מיט דער האנד; בעהאלטען אין דער האנד; איינשווינדלען, ארויפצווינגען עפעס דורך שווינדעל.

Palms

pal′ma *n.* (פעל′-מא) די האנד-פלעכע [דאלאניע]: דער קערפער-טייל פון א חיה, פויגעל אדער אינזעקט, וואס ענטשפרעכט דער האנד-פלעכע פון א מענשען.

pal′ma Chris′ti (פעל′-מא קריס′-טי) די ריצען-אויל פלאנצע [א בוים-ארטיג גראז, וואס וואקסט אין אסט-אינדיען און דרום-אמעריקא. פון די פרוכט-קערנער פון דיעזען גראז ווערט געמאכט ריצען-אויל]. ז. *castor-oil plant*

pal′mar *a. and n.* (פעל′-מאר) וואס איז שייך צו דער האנד-פלעכע [דאלאניע]; א מוסקעל אדער נערוו וואס איז פערבונדען מיט דער האנד-פלעכע.

pal′mar arch (פעל′-מאר ארטש) די אויסגעבויגענע ארטעריע אדער שלאג-אדער אין דער האנד-פלעכע [דאלאניע]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

pal′mary *a.* (פעל′-מע-רי) וואס איז ווערטה צו בעקומען די פאלמע; וואס איז דער ערשטער, דער הויפט.

pal′mate *a.* (פעל′-מייט) עהנליך צו אן אויסגעשטרעקטער האנד-פלעכע [דאלאניע]; האנד-פערמיג; ברייט מיט פינגער-עהנליכע ארויסשטארצונגען [ווי דער הארן פון א הירש]; וואס האט פינף פאנאנדערגענומענע לאפען [ווי די בלעטער פון געוויסע פלאנצען]; וואס האט פינגער אויף די פיס מיט צונויפגעוואקסענע הייטלעך צווישען זיי [ווי די פיס פון די שווים-פויגלען].

pal′mated *a.* (פעל′-מיי-טעד). ז. *palmate*

palma′tion *n.* (פעל-מיי′-שאן) דאס אננעהמען אדער האבען די פארם פון אן אויסגעשטרעקטער האנד-פלעכע [דאלאניע] מיט פאנאנדערגעשפרייטע פינגער.

palm′-cab′bage *n.* (פאהמ′-קעב′-עדזש) די קנאספען אדער נאך ניט פאנאנדערגעלאזענע בלעטער פון געוויסע פאלמען, וועלכע ווערען געברויכט אין עסען.

palm′-col′or *n.* (פאהמ′-קאל′-אר) פאלמען-קאליר [א ברוינליכער קאליר].

palmed *a.* (פאהמד) וואס האט א פערצווייגטען הארן [ווי דער הארן פון א הירש].

palm′er *n.* (פאהמ′-ער) איינער וואס בעהאלט עפעס אין דער האנד; א בעשווינדלער, א בעטריגער; א לינעאל, מיט וועלכען א לעהרער שלאגט דעם תלמיד איבער דער האנד-פלעכע; א פילגרים אדער פילגער; איינער וואס האט געוואנדערט אין די הייליגע ערטער פון פאלעסטינא און האט מיטגעבראכט אהיים פון דארטען א פאלמען-צווייג; איינער וואס איז עולה לרגל אין די הייליגע ערטער; די לארווא אדער דאס ווערימעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפעטער אן אינזעקט; א קינסטליך-געמאכטע האריגע פליג, וועלכע פישער בענוצען צו פאנגען פיש; א מין אינזעקט, וועלכער האלט זיך אין האלץ.

palm′er-worm *n.* (פאהמ′-ער-הווארם) די לארווא [דער ווארים פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך שפעטער אן אינזעקט].

pal′mette *n.* (פעל′-מעט) אין ארכיטעקטור — א פאלמעטע, א פערציערונג אויף דער וואנד פון א געביידע אין דער פארם פון א פאלמען-בלאט.

palmet′to *n.* (פעל-מעט′-או) א פאלמע מיט פעכער-ארטיגע בלעטער.

Palmet′to State (פעל-מעט′-או סטייט) א צונעמעניש פון זיד קאראלאינע [א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

palm′-house *n.* (פאהמ′-האוס) אן ארנזשערע, וואו עס וואקסען פאלמען און אנדערע טראפישע פלאנצען.

palmif′erous *a.* (פעל-מיפ′-ע-ראס) וואס גיט ארויס אדער פראדוצירט פאלמען.

pal′migrade *a.* (פעל′-מי-גרייד) וואס

טרעט מיט דער גאנצער פלעכע פון פוס [ווי א מענש].

pal'miped *a.* and *n.* (פעל'-מי-פעד) ביי וועלכע די פינגער פון די פיס זיי־נען צוזאמענגעוואקסען מיט א הייטעל; א פויגעל מיט שווים־הייטלעך צווישען די פינגער פון די פיס.

pal'mipede *a.* and *n.* (פעל'-מי-פיד) ז. *palmiped*

pal'mister *n.* (פעל'-מיס-טער) א כי־ראמאנט, א האנד־וואהרזאגער, א קענער פון חכמת־היד.

pal'mistry *n.* (פעל'-מיס-טרי) האנד־וואהרזאגעריי [חכמת היד], דאס זאגען פאראוים דעם שיקזאל פון א מענשען לויט די שטריכען פון זיין האנד־פלעכע [דא־לאניע]; כיראמאנטיע; הומאריסטיש — פלינקייט אדער געשיקטהייט פון דער האנד, א פאקוס.

pal'mitin *n.* (פעל'-מי-טין) פאלמיטין, איינער פון די צוויי עלעמענטען [פאל־מיטין און אלעאין], פון וועלכע עס בע־שטעהט פאלמען־אויל. ז. *palm-oil*

palm'-leaf *n.* (פאהמ'-ליעף) א פאלמען־בלאט; א פעכער וואס איז געמאכט פון א פאנאנדערגעצווייגענעם און אויסגעטרי־קענטען פאלמען־בלאט.

palm'-oil *n.* (פאהמ'-איל) דאס פאלמען־אויל [א זיסליכע פעטקייט, עהנליך צו פוטער, וואס מען בעקומט פון די פרוכ־טען פון געוויסע פאלמען].

palm'ster *n.* (פאהמ'-סטער) ז. *palmister*

Palm Sun'day (פאהם סאנ'-דיי) דער זונטאג פאר דעם קריסטליכען פסח.

palm'-tree *n.* (פאהמ'-טריע) א פאל־מען־בוים, א פאלמע.

palm'-wine *n.* (פאהמ'-הוואין) פאל־מען־וויין [א שטארקער און זיסליכער גע־טראנק, וואס ווערט געמאכט פון דעם זאפט פון געוויסע פאלמען].

palm'y *a.* (פאהמ'-אי) רייך אין פאלמען, וואס פערמאגט פאלמען־בוימער; וואס בע־קומט זיך פון פאלמען; וואס איז ווערטה צו טראגען א פאלמען־צווייג אלס סמן פון אויסצייכענונג; אין א געהויבענעם צו־שטאנד.

palmy'ra *n.* (פעל-מאי'-רא) די פאלמי־רא [זעהר א הויכע אסט־אינדישע פאלמע מיט זעהר גרויסע פעכער־ארטיגע בלעטער און מיט זעהר א הארטען האלץ].

Palmyr'ian *a.* and *n.* (פעל-מיר'-אי-ען) וואס איז שייך צו דער שטאדט פאל־מירע אדער תדמור [א גרויסע שטאדט אין אלט־סיריען]; אן איינוואהנער פון פאלמירע.

palp *n.* (פעלפ) דער פיהל־ארגאן [ביי חיה'לעך].

palpabil'ity *n.* (פעל-פע-ביל'-אי-טי) פיהלבארקייט; דייטליכקייט.

pal'pable *a.* (פעל'-פעבל) פיהלבאר, וואס מען קען אנטאפען; האנד־גרייפליך; דייטליך, קלאר, לייכט צו בעגרייפען.

pal'pable dark'ness (פעל'-פעבל דארק'-נעס) א געדיכטע פינסטערניש.

pal'pableness *n.* (פעל'-פעבל-נעס) ז. *palpability*

pal'pably *adv.* (פעל'-פע-בלי) אויף אן אופן, דאס מען זאל עס קענען אנריה־רען אדער פיהלען; קלאר, דייטליך, אויי־גענשיינליך.

par'tridge-wood *n.* (פאר'-טרידזש-הוואוד) קוראפאטקע-האלץ [אזא זארט הארט רויטליך האלץ מיט טונקעלע שטרייפען, וואס וואקסט אין וועסט-אינדיען און זיד-אמעריקא].

part'-sing'ing *n.* (פארט'-סינג'-אינג) א מעהר-שטימיגער געזאנג, הארמאניע-געזאנג, כאר-געזאנג.

part'-song *n.* (פארט'-סאהנג) א ליעד וואס ווערט געזונגען פון מעהרערע פערשיעדענע שטימען.

partu'riency *n.* (פאר-טיו'-רי-ען-סי) ז. *parturition*.

partu'rient *a.* (פאר-טיו'-רי-ענט) געבעהרענד; געהענדיג צו קינד.

parturifa'cient *n.* (פאר-טיו-רי-פיי'-שיענט) א מעדיצינישער מיטעל וואס ווירקט אויף דער געבעהר-מוטער [צו העלפען אדער פערלייכטערען די געבורט].

parturi'tion *n.* (פאר-טיו-ריש'-אן) דאס געבעהרען, דאס געהן צו קינד.

partu'ritive *a.* (פאר-טיו'-רי-טיוו) געבעהרענד, געהענדיג צו קינד.

part with (פארט וויטה) זיך שיידען מיט...; אויפגעבען.

I hate to part with this book.

par'ty *n. and a.* (פאר'-טי) א פארטיי; א צד; אן אבטיילונג; א פערזאן; א געזעלשאפט; א קאמפאניע אדער געזעלשאפט פערזאמעלט צו א סעודה אדער שמחה.

par'ty-coa'ted *a.* (פאר'-טי-קאו'-טעד) בונט געקליידעט, אנגעטהאן אין קליידער פון פערשיעדענע קאלירען.

par'ty-col'or *n.* (פאר'-טי-קאל'-אר) בונט-פארביגקייט, פערשיעדענפארביגקייט.

par'ty-col'ored *a.* (פאר'-טי-קאל'-ארד) בונט-פארביג, פיעלפארביג, פערשיעדענפארביג.

par'ty-gold *a.* (פאר'-טי-גאולד) טייל-ווייז פון גאלד.

par'tyism *n.* (פאר'-טי-איזם) די טיילונג אין פארטייען; פארטייאיגקייט, איבערגעבענהייט צו א פארטיי.

par'ty-ju'ry *n.* (פאר'-טי-דזשו'-רי) געשווארענע אין א געריכט וואס א העלפט זיינען איינגעבארענע און א העלפט זיינען אויסלענדער.

par'ty-list *n.* (פאר'-טי-ליסט) די ליסטע פון קאנדידאטען פאר עפענטליכע עמטער וואס א פארטיי שטעלט ארויס ביי די וואהלען.

par'ty-man *n.* (פאר'-טי-מען) א פארטיי-מאן.

par'ty spir'it (פאר'-טי ספיר'-איט) דער פארטיי-גייסט.

par'ty-spir'ited *a.* (פאר'-טי-ספיר'-איט-עד) פול מיט פארטיי-גייסט.

par'ty-wall *n.* (פאר'-טי-הוואהל) א צווישען-וואנד, א שייד-וואנד [צווישען נעבייעדעס, וואס בעלאנגען צו פערשיעדענע אייגענטהימער].

The two adjoining houses have the same party-wall.

paru'ria *n.* (פע-רוה'-רי-א) אוננארמאלע אורין-לאזונג [משתין זיין].

paru'sia *n.* (פע-רוה'-סי-א) אין רעטאריק — דער געברויך פון דער נעגענווארטס-פארם פון צייט-ווערטער אנשטאט דער פערגאנגענער אדער צוקונפטס-פארם.

parvanim'ity *n.* (פאר-ווע-נימ'-אי-טי) קליינמוטיגקייט, גייסטיגע גראבקייט.

par'venu *n. and a.* (פאר'-ווע-ניו) א פארוועניו; אן אויפגעקומענער מענש; ווי א פארוועניו.

par'vis *n.* (פאר'-וויס) א פארהויף פון א קירך; א שוהל⸗צימער איבער דעם פארהויז פון א קירך.

par'vise *n.* (פאר'-וויס) ז. *parvis*.

pas *n.* (פא) א פא [א שריט אין טאנצען]; א טאנץ.

pasch *n.* (פעסק) פסח; פאסכא, אסטערן.

pas'chal *a.* (פעס'-קעל) פסח'דיג; וואס איז שייך צו פסח אדער אסטערן.

pasch'-egg *n.* (פעסק'-עג) אן אסטערן⸗איי [א געפארבט איי אדער א נאכגעמאכט איי ווי עס ווערט געגעבען צו קינדער אום קריסטליכען פסח].

pasch'-flow'er *n.* (פעסק'-פלאו'-ער) ז. *pasque-flower*.

pasha' *n.* (פא-שא') א פאשא [א טערקישער טיטול פאר העכערע מיליטער און ציוויל⸗בעאמטע].

pasha'lic *n.* (פא-שא'-ליק) דער בעצירק וואס עס ווערט בעהערשט פון א פאשא.

pash'aw *n.* (פעש'-אה) ז. *pasha*.

pasig'raphy *n.* (פע-סיג'-רע-פי) אן אלגעמיינע שריפט, א שריפט וועלכע קען פערשטאנען און בענוצט ווערען פון אלע נאציאנען.

pasque *n.* (פעסק) ז. *pasch*.

pasque'-flow'er *n.* (פעסק'-פלאו'-ער) די אסטער⸗בלום [אזא בלומען⸗פלאנצע מיט געצאקטע בלעטער און מיט גרויסע ווייסע אדער וויאלעט⸗בלויליכע בליהונג. זי בליהט אין אנפאנג פריהלינג איידער איהרע בלעטער זיינען נאך אנטוויקעלט].

Pasque-flower

pas'quil *n., v. and a.* (פעס'-קהוויל) א פאסקוויל; שרייבען א פאסקוויל; וואס איז שייך צו א פאסקוויל.

pas'quilant *n.* (פעס'-קהוויל-ענט) א פאסקווילען⸗שרייבער.

pas'quiler *n.* (פעס'-קהוויל-ער) א פאסקווילען⸗שרייבער.

pas'quillant *n.* (פעס'-קהוויל-ענט) ז. *pasquilant*.

pas'quiller *n.* (פעס'-קהוויל-ער) ז. *pasquiler*.

pas'quin *n. and v.* (פעס'-קהווין) א פאסקוויל; א סאטירע; שרייבען פאסקווילען.

pasquinade' *n. and v.* (פעס-קהווי-נייד') א סאטירע, א פאסקוויל; שרייבען א סאטירע, שרייבען א פאסקוויל.

pasquina'der *n.* (פעס-קהווי-ניי'-דער) א סאטיריקער; א פאסקווילען⸗שרייבער.

pass *v. and n.* (פעס) זיך בעוועגען, געהן, קומען, רייזען, פאהרען; פאסירען; פארקומען; פארבייגעהן, פארבייפאהרען; דורכגעהן, דורכפאהרען; איבערגעהן; פאריבערגעהן, ניט ווערען, פערשווינדען; שטארבען; אנגענומען ווערען, דורכגעהן [וועגען א געזעץ, רעזאלוציאן א. ד. ג.]; בעשטעהן, אויסהאלטען [אן עקזאמען]; אויסדריקען א מיינונג; שטויסען [ביים פעכטען]; פערבריינגען [די צייט]; לאזען פארבייגעהן; אויסלאזען א צאהלונג, ניט צאהלען; אבענדיגען, מאכען א סוף; אריבערשטייגען, אריבעריאגען; אננעהמען, דורכלאזען [א געזעץ, א רעזאלוציאן א. ד. ג.]; אריבערטראגען פון איינעם צום אנדערען אדער פון איין פלאץ צום צווייטען; איבערגעבען; בריינגען אין צירקולאציאן [וועגען געלד]; אויסלעדיגען די געדערים; דורכלאזען, לאזען דורכפליסען אדער דורכגעהן; א דורכגאנג; א צושטאנד, א לאגע, א קריטישער צושטאנד; א דורכגאנגס⸗ערלויבניס, א פאס, א פאספארט; א שטויס [אין פעכטען]; דאס אויסהאלטען אדער בעשטעהן אן עקזאמען; די בעהאנדלונג פון עטוואס מיט דער האנד; דאס מאניפולירען, דאס אריבערפיהרען די האנד איבער עטוואס; "האנד⸗מלאכה" [קונצען אדער שווינדעל מיט די הענד].

pass'able *a.* (פעס'-עבל) דורכגאנגבאר, וואס מען קען דורכגעהן; גאנגבאר; ערטרעגליך, וואס איז צו דערליידען.

pass'ableness *n.* (פעס'-עבל-נעס) דורכגאנגבארקייט; גאנגבארקייט; ערטרעגליכקייט.

pass'ably *adv.* (פעס'-ע-בלי) ערטרעגליך, נישט⸗קשה'דיג, צו דערליידען.

pass a com'pliment (פעס ע קאמ'-פלי-מענט) מאכען אימעצען א קאמפלימענט.

passade' *n.* (פע-סייד') אין רייטען — א פאסאדע [א קעהר אדער שריט ריקווערטס אדער פארווערטס אויף דעמזעלבען ארט]; א שטויס [אין פעכטען].

pas'sage *n. and v.* (פעס'-עדזש) א דורכגאנג; א פאסאזש; אן אריבערפאהר; א דורכצוג; א רייזע; א וואסער⸗וועג; אריבערפאהר⸗געלד; א וועג, א צוגאנג; א קארידאר; א פרייער איינטריט אדער אויסטריט; די פרייהייט דורכצוגעהן אדער דורכצופאהרען; א פאסירונג, א געשעהעניש; א פאראגראף, א שטעלע אדער טייל פון א בוך אדער רעדע; די אננאהמע, דורכגאנג אדער סאנקציאנירונג פון א געזעץ, רעזאלוציאן א. ד. ג.; וואנדערונג; אן אויסלעדיגונג פון די געדערים; א פערזענליכער צוזאמענשטויס; אריבערגעהן, אריבערגעהן אויף יענער זייט.

pas'sage at arms (פעס'-עדזש עט ארמז) א צוזאמענשטויס.

pas'sage-mon'ey *n.* (פעס'-עדזש-מאנ'-אי) אריבערפאהר⸗געלד.

pas'sageway *n.* (פעס'-עדזש-הוויי) א דורכגאנג, א וועג, א גאס; א קארידאר.

pas'saging *n.* (פעס'-עדזש-אינג) א צוזאמענשטויס.

pass a jest (פעס ע דזשעסט) מאכען א שפאס, זיך לוסטיג מאכען [איבער אימעצען].

passamez'zo *n.* (פעס-סע-מעד'-זא) אזא אלטער איטאליענישער טאנץ; די מוזיק פון דיעזען טאנץ.

pass a trick (פעס ע טריק) אבטהאן [אימעצען] א שפיצעל.

pass away' (פעס ע-הוויי') פאריבערגעהן, פערשווינדען, ניט ווערען; פערשווינדען.

pass'-book *n.* (פעס'-בוק) אן אברעכנונגס⸗בוך [א בוך אין וועלכען א קויפמאן פערשרייבט די סחורה וואס ער האט פערקויפט צו קונדען אויף קרעדיט]; א באנק⸗בוך.

pass by (פעס באי) פארבייגעהן [ניט אבשטעלענדיג זיך]; ניט נעהמען אין אכט; ענטשולדיגען, פערציהען; פערנאכלעסיגען, ניט שענקען קיין אויפמערקזאמקייט.

pass'-check *n.* (פעס'-טשעק) אן איינטריטס⸗קארטע אויף אן אונטערנעהמונג, א קאנטערמארקע.

pass cur'rent (פעס קאר'-ענט) ווערען אנגענומען לויט דעם פולען ווערטה; זיין גאנגבאר, האבען אנערקענונג.

passé' *a.* (פע-סיי') אבגעבלאקירט, פערוועלקט, אבגענוצט [געברויכט אין פערבינדונג מיט הויפטווערטער פון מענליכען געשלעכט].

passed *a.* (פעסט) וואס האט אויסגעהאלטען אן עקזאמען; אמאליג.

passed mas'ter (פעסט מעס'-טער) א מענש מיט א גרויסער ערפאהרונג; א געוועזענער הויפט פון אן ארדען אדער פעראיין [ווי למשל, ביי די פריי⸗מויערער].

passée' *a.* (פע-סיי') אבגעבלאקירט, פערוועלקט, אבגענוצט, אבגעלעבט [געברויכט אין פערבינדונג מיט הויפטווערטער פון ווייבליכען געשלעכט].

passe'ment *n. and v.* (פעס'-מענט) פאזומענטען, שפיצען, קרוזשעווע, איינזאץ; בעפוצען מיט פאזומענטען, שפיצען, קרוזשעווע אדער איינזאץ; בעפוצען, בעציערען.

passementerie' *n.* (פעס-מענ-טע-ריע') פאזומענטען⸗ארבייט, בעפוצונג, בעציערונג [מיט שפיצען אדער בעזאץ].

pas'senger *n.* (פעס'-ענ-דזשער) א רייזענדער, א דורכרייזענדער; א פאסאזשיר.

pas'senger-car *n.* (פעס'-ענ-דזשער-קאר) א פאסאזשיר⸗וואגאן [אן איינפאכער וואגאן, אין געגענזאץ צו א שלאף⸗וואגאן אדער לוקסוס⸗וואגאן].

pas'senger-el'evator *n.* (פעס'-ענ-דזשער-על'-אי-וויי-טאר) א פערזאנען⸗פאהרשטוהל [אן אויפצוג⸗מאשין פאר פערזאנען, אין געגענזאץ צו א פראכט⸗אויפצוג⸗מאשין].

pas'senger-en'gine *n.* (פעס'-ענ-דזשער-ענ'-דזשין) א לאקאמאטיוו פון א פאסאזשיר⸗צוג [א שנעלער לאקאמאטיוו].

pas'senger-locomo'tive *n.* (פעס'-ענ-דזשער-לאו-קא-מאו'-טיוו) ז. *passenger-engine*.

pas'senger-mile *n.* (פעס'-ענ-דזשער-מאיל) א פאסאזשיר⸗מייל [אן איינהייט וואס ווערט בענוצט אין אייזענבאהן⸗רעכנונגען וועלכע שטעלט פאר די אריבערפאהרונג פון איין פאסאזשיר אויף א שטרעקע פון איין מייל].

pas'senger-pig'eon *n.* (פעס'-ענ-דזשער-פידזש'-אן) די וואנדער⸗טויב [די געוועהנליכע ווילדע אמעריקאנער טויב].

Passenger-pigeon

pas'senger-ship *n.* (פעס'-ענ-דזשער-שיפ) א פאסאזשיר⸗שיף.

pas'senger-train *n.* (פעס'-ענ-דזשער-טריין) א פאסאזשיר⸗צוג.

passe-partout' *n.* (פעס-פאר-טוה')

א פאספארטו [א קארטאן=פאפיער אין דער פארם פון א ראהם וואס ווערט געברויכט פאר בילדער=איינפאסונגען]; א קונסט=שליסעל מיט וועלכען מען קען עפענען אלע שלעסער; עטוואס מיט וואס מען קען איבעראל דורכגעהן; א גראווירטע פלאטע וואס דיענט אלס א פערציערונגס=ראנד פאר א בילד.

passepartout’ *v.* (פעס-פאר-טוה’) איינפאסען א בילד אין א פאספארטו. ז. *passe-partout*.

pass’er *n.* (פעס’-ער) א פארבייגעהער; איינער וואס האלט אויס אן עקזאמען.

pass’er-by’ *n.* (פעס’-ער-באי’) א פארבייגעהער.

Pas’seres *n.* (פעס’-ע-ריז) דער מין פויגלען וואס נעהמט אין זיך אריין אלע זינג=פויגלען.

pas’serine *a. and n.* (פעס’-ע-רין) וואס איז עהנליך אדער איז שייך צו א שפערלינג; א שפערלינג=עהנליכער פויגעל.

pass examina’tion (פעס עג-זעמ-אי-ניי’-שאן) אן עקזאמען פאר א שטודיום, וואס ענטהאלט א ספעציאל=פאך וועלכער איז נויטיג אנצונעהמען א רעגיערונגס=שטעלע א. ד. ג.; אויסהאלטען אן עקזאמען.

pass for (פעס פאר) ווערען פעררעכענט פאר...

passibil’ity *n.* (פעס-אי-ביל’-אי-טי) ליידענספעהיגקייט, פיהלונגס=פעהיגקייט, עמפפינדליכקייט.

pas’sible *a.* (פעס’-איבל) ליידענספעהיג, פיהלונגס=פעהיג, עמפפינדליך.

pas’sibleness *n.* (פעס’-איבל-נעס) ז. *passibility*.

pas’sim *adv.* (פעס’-אים) אין פערשיעדענע ערטער, איבעראל, דא און דארט.

passim’eter *n.* (פע-סימ’-ע-טער) א קעשענע=אדאמעטער. ז. *odometer*.

pass in (פעס אין) אריינלאזען, לאזען אריינקומען; איבערגעבען, דערלאנגען.

pass’ing *a., adv. and n.* (פעס’-אינג) פארבייגעהענד, דורכגעהענד, פאריבערגעהענד; פערגענגליך; פליכטיג, פארביילויפענד; פאסירענד; געגענווערטיג; געשעהענד; אויסגעצייכענט, פארטרעפליך, גרויסארטיג; דאס פארביינגעהן אדער דורכגעהן; דאס פערגעהן, דאס שטארבען; א דורכגאנג; א דורכרייזע; די אננאהמע אדער בעשטעטיגונג פון א געזעץ, רעזאלוציאן א. ד. ג.

pass’ing-bell *n.* (פעס’-אינג-בעל) די טויטען=גלאק [די גלאק אין א קירכע מיט וועלכער מען קלינגט ווען איינער שטארבט].

pass’ing events’ (פעס’-אינג אי-ווענטס’) טאג=געשעהענישען.

Not all passing events leave an impression on the life of a people.

pass’ing-note *n.* (פעס’-אינג-נאוט) אין מוזיק — א דורכגאנגס=נאטע, א צוגעגעבענער זייטיגער טאן.

pass’ing-place *n.* (פעס’-אינג-פליים) אויסווייך=פלאץ פאר אייזענבאהנען [אן ארט וואו צוויי באהן=צוגען, וועלכע געהען אויף איין פאר רעלסען, קענען פארבייגעהען איינער דעם אנדערען דורך דעם וואס עס איז צוגעבויט אין דעם פלאץ א צווייג=רעלסע].

pass’ing-tone *n.* (פעס’-אינג-טאון) ז. *passing-note*.

pass in one’s checks (פעס אין הוואנז טשעקס) אבשליסען די חשבונות, מאכען דעם לעצטען חשבון; שטארבען.

pass in one’s chips (פעס אין הוואנז טשיפס) ז. *pass in one’s checks*.

pas’sion *n.* (פעש’-אן) ליידענשאפט; העפטיגקייט, אויפרעגונג, צארן; ליידען; די ליידען פון קריסטוס.

pas’sional *a. and n.* (פעש’-אנ-על) ליידענשאפטליך; א מאנוסקריפט פון עוואנגעליום, ביי וועלכען די קעניגע פון ענגלאנד, פון הענרי דעם ערשטען ביז עדווארד דעם זעקסטען, פלעגען שווערען ווען מען האט זיי געקרוינט; א פאסיאנס=בוך [ז. *passionary*].

pas’sionary *n.* (פעש’-אנ-ע-רי) א פאסיאנס=בוך [א בוך אין וועלכען עס זיינען בעשריבען די ליידען פון די הייליגע קריסטליכע מארטירער].

pas’sionate *a.* (פעש’-אנ-אייט) ליידענשאפטליך; היציג; העפטיג.

pas’sionately *adv.* (פעש’-אנ-אייט-לי) מיט ליידענשאפט; אויף א ליידענשאפטליכען אדער העפטיגען אופן.

The child is passionately fond of music.

pas’sionateness *n.* (פעש’-אנ-אייט-נעס) ליידענשאפטליכקייט; היציגקייט.

pas’sioned *a.* (פעש’-אנד) ליידענשאפטליך; אנגעגריפען פון ליידענשאפט.

pas’sion-flow’er *n.* (פעש’-אנ-פלאו’-ער) די ליידענס=בלום [אזא בלום וואס וואקסט אין די טראפישע געגענדען פון אמעריקא].

Passion-flower

pas’sioning *n.* (פעש’-אנ-אינג) דאס זיין ליידענשאפטליך; דאס זיין העפטיג אדער היציג.

pas’sionless *a.* (פעש’-אנ-לעס) ניט ליידענשאפטליך; ניט היציג, ניט אויפגערעגט.

pas’sion-mu’sic *n.* (פעש’-אנ-מיו’-זיק) מוזיק פון א פארשטעלונג וואו עס ווערען געשילדערט די ליידען און דער טויט פון קריסטוס.

pas’sion-play *n.* (פעש’-אנ-פליי) א פארשטעלונג, אין וועלכער עס ווערען געשילדערט די ליידען און דער טויט פון קריסטוס.

Pas’sion-tide *n.* (פעש’-אן-טאיד) ביי די קאטויליקען — די לעצטע צוויי וואכען פון דער פאסט=צייט. ז. *Lent*.

pas’sion-vine *n.* (פעש’-אנ-וואין) ז. *passion-flower*.

pas’sive *a.* (פעס’-איוו) פאסיוו, ניט ווירקענד, אונטהעטיג; גערולדיג; אונטערווארפען; ניט ארויסווייזענדיג קיין ווידערשטאנד, ניט שטעלענדיג זיך אנטקעגען; אין גראמאטיק — וואס איז בעווירקט פון א טהעטיגקייט, וואס איז דער מקבל הפעולה [ז. *passive voice*]; אין כעמיע — וואס פערבינדעט זיך ניט מיט קיין אנדער עלעמענט.

pas’sive bonds (פעס’-איוו באנדז) אקציען אדער ווערטה=פאפיערען, וועלכע טראגען ניט קיין פראצענט אבער זיי בערעכטיגען דעם אייגענטימער צו פראפיטען.

pas’sive com’merce (פעס’-איוו קאמ’-אירס) פאסיוו=האנדעל [דער האנדעל מיט אויסלאנד ביי וועלכען די סחורות פון איין לאנד ווערען געפיהרט מיט די שיפען און מיט דער מאנשאפט פון אן אנדער לאנד].

pas’sive debt (פעס’-איוו דעט) א חוב אויף וועלכען מען צאהלט ניט קיין פראצענט [א גמלת חסד].

pas’sively *adv.* (פעס’-איוו-לי) אויף א פאסיווען אופן; אהן טהעטיגקייט, ניט ווירקענדיג; אזוי ווי א פאסיוועס צייטווארט [פעל]. ז. *passive*.

pas’siveness *n.* (פעס’-איוו-נעס) פאסיוויטעט, פאסיווקייט, טהעטיגקייטסלאזיגקייט, אונווירקזאמקייט; גערולדיגקייט, אונטערווארפענקייט; ליידענספעהיגקייט.

pas’sive obe’dience (פעס’-איוו א-בי’-די-ענס) בלינדע געהארכזאמקייט.

pas’sive opera’tion (פעס’-איוו אפ-ע-ריי’-שאן) א מיליטער=אפעראציאן וואס ווערט אונטערנומען אבצושלאגען דעם פיינד’ס אטאקע.

pas’sive voice (פעס’-איוו וואיס) אין גראמאטיק — די פאסיווע אדער ליידענדע פארם, די פארם פון קבלת הפעולה [די פארם פון א צייטווארט וואס צייגט אן ניט די ווירקונג נאר דאס בעווירקט ווערען, ווי פון ”ליעבען“ — געליעבט ווערען, פון ”לעזען“ — געלעזען ווערען א. ד. ג.].

passiv’ity *n.* (פע-סיוו’-אי-טי) ז. *passiveness*.

pass’-key *n.* (פעס’-קיע) א שליסעל מיט וועלכען מען קען עפענען מעהרערע שלעסער.

pass’less *a.* (פעס’-לעס) אהן א דורכגאנג, וואס האט ניט קיין דורכגאנג.

pass’man *n.* (פעס’-מען) א סטודענט אין אן ענגלישען אוניווערזיטעט, וועלכער האט אויסגעהאלטען דעם עקזאמען אהן וועלכע עס איז אויסצייכנונגען.

pass mus’ter (פעס מאס’-טער) דורכגעהן, דורכגעלאזען ווערען, זיין ביים וועג.

This translation will pass muster.

pass off (פעס אף) ארויס’פטר’ען.

He passed off his spoiled goods.

pass off as (פעס אף עז) ז. *pass off for*.

pass off for (פעס אף פאר) ארויסגעבען אדער ארויסשטעלען אלס...; זיך ארויסגעבען פאר... זיך ארויסשטעלען אלס...

He passed himself off for a bachelor.

pass on (פעס אן) ווייטער געהן, פארווערטס געהן; אריינשמוגלען דורך א שווינדעל.

pass one’s word (פעס הוואנז הוואירד) געבען א ווארט, פערשפרעכען.

pass o’ver (פעס או’-ווער) פאריבערגעהן, דורכלאזען ניט בעמערקטערהייד.

pass’over *n.* (פעס’-או-ווער) דער קרבן פסח.

Pass’over *n. and a.* (פעס’-או-ווער) דער אידישער פסח; פסח’דיג.

Pass’over bread (פעס’-או-ווער ברעד) מצות.

pass’-parole’ *n.* (פעס’-פע-ראול’) אין

מיליטער — א לויף-בעפעהל [א בעפעהל אין אן ארמעע, וואס ווערט איבערגעגעבען מינדליך פון איינעם צום צווייטען].

pass'port *n. and v.* (פעס'-פאורט) א פאס, א פאספארט; א פאסיר-צעטעל [אן ערלויבנים-צעטעל דורכצוגעהן א פיינדליכען לאגער אין דער צייט פון קריעג]; א שריפטליכע ערלויבנים אריינצופיהרען אויסלענדישע סחורה אהן גרענעץ-אבצאהלונג; עטוואס וואס העלפט דערגרייכען א ציעל; בעזארגען מיט א פאס אדער פאספארט.

pass round (פעס ראונד) 1. ארומדערלאנגען אלעמען וואס זיצען ביים טיש; 2. צירקולירען.

2. The story of his misfortune is passing round the city.

pass round the hat (פעס ראונד טהי העט) מאכען א געלד-זאמלונג פאר וועלכען עס איז צוועק, ווי דאס ווערט געטהאן אויף א פערזאמלונג דורך קלייבען געלד אין א הוט, וועלכע ווערט איבערגעגעבען פון איינעם צו אנדערען; זאמלען נדבות.

pass'-shoo'ting *n.* (פעס'-שוה'-טינג) דאס שיסען פויגלען אין דער צייט ווען זיי פליהען איבער דעם ארט, וואו דער יעגער ווארט פאר זיי.

pass the Ru'bicon (פעס טהי רו'-בי-קאן) אריבערגעהן דעם רוביקאן [דער טייך וואס איז אמאל געווען דער גרענעץ פון איטאליען און וועלכען יוליוס צעזאר האט בעשלאסען אריבערצוגעהן אין. זיין קאמפף מיט דעם רוימישען סענאט], מאכען אן ענטשיידענעם שריט.

pass the time of day (פעס טהי טאים אוו דיי) בעגריסען לויט דער צייט פון טאג [ווי זאגען "גוט מארגען", "גוטען אווענד", "גוטע נאכט" א. ד. ג.]; בעגריסען.

pass'-tick'et *n.* (פעס'-טיק'-עט) אן איינטריטס-בילעט; א קאנטרעמארקע; א פרייער איינטריטס-בילעט.

pass upon' (פעס א-פאן') ז. *pass on*.

pas'sus *n.* (פעס'-אס) א פאסוס, אן אבטיילונג אדער טייל פון א געשיכטע, פאעמע א. ד. ג.

pass'word *n.* (פעס'-הוואירד) א פאסיר-ווארט, א פאראלע [א געהיימעס ווארט אדער צייכען דורך וועלכען מען קען דערקענען אן אייגענעם מענשען פון א פרעמדען, אז מען זאל איהם אריינלאזען אדער דורכלאזען].

Every secret society has a password.

pass'wort *n.* (פעס'-הוואירט) אזא פלאנצע וועגען וועלכער מען האט געגלויבט, אז זי איז א מיטעל געגען לעהמונג אדער פאראליטש.

past *a., prep., adv. and n.* (פעסט) פערגאנגען; פארביי, פאריבער; וואס איז געווען; אמאליג; נאך; איבער; אויסער; דורך; די פערגאנגענע צייט.

paste *n., a. and v.* (פייסט) קליי, פאפ; טייג; גלאז-פאסטע אדער גלאז-פלוס [אזא זארט גלאז פון וועלכען מען מאכט נאך דימענטען]; א נאכגעמאכטער דימענט; א מינעראל-שטאף אין וועלכען אנדערע מינעראלען זיינען בעהאלטען; נאכגעמאכט, קינסטליך; צונויפקלעפען מיט קליי אדער פאפ.

paste'board *n. and a.* (פייסט'-באורד) טאקטור, טאוועל-פאפיער; שפיעל-קארטען; א וויזיטען-קארטע; א באהן-בילעט; א לאקשען-ברעט, א ברעט צום וואלגערען טייג; געמאכט פון טאקטור.

paste'-board *n.* (פייסט'-באורד) א לאקשען-ברעט, א ברעט צום וואלגערען טייג.

paste'-down *n.* (פייסט'-דאון) א בלאט וואס איז צוגעקלעפט צו דעם טאוועל פון א בוך פון אינוועניג.

pas'tel *n.* (פעס'-טעל) די וואיד-פלאנצע [אזא פלאנצע פון וועלכער מען בעקומט א בלויע פארב]; דאס וואיד-בלוי [די בלויע פארב וואס ווערט ערהאלטען פון דער וואיד-פלאנצע]; א פאסטעל-שטיפט [א קאלירטער קרייד-שטיפט צום צייכענען]; א צייכנונג געמאכט מיט א פאסטעל-שטיפט; פאסטעל-צייכנונג, קרייד-צייכנונג; א לייכטער ליטערארישער ענטוואורף אדער א פליכטיגע סקיצע וועגען אן אונוויכטיגען ענין.

pas'telist *n.* (פעס'-טעל-איסט) א פאסטעל-צייכנער, א קרייד-צייכנער. ז. *pastel*.

pas'tel-pa'per *n.* (פעס'-טעל-פיי'-פער) פאסטעל-צייכען-פאפיער [אזא שארטיג פאפיער וואס ווערט בענוצט פאר קרייד-צייכנונגען].

paste'-ma'ker *n.* (פייסט'-מיי'-קער) א מאשין צו מאכען קליי אדער פאפ.

paste'-pot *n.* (פייסט'-פאט) א קליי-טאפ [א כלי צו האלטען פאפ אדער קליי].

pas'ter *n.* (פייס'-טער) א קליי-שמיערער; א קלעפער; א פאפיער-שטרייף וואס איז אויף איין זייט בעשמיערט מיט קליי אדער גומי-אראביק ארויפצוקלעפען אויף עטוואס; א פאפיער-שטרייף מיט דעם נאמען פון א קאנדידאט, פאר וועלכען דער וועהלער וויל שטימען און וועלכער ווערט ארויפגעקלעפט אויף דעם נאמען פון קאנדידאט אויף דער וואהל-ליסט פאר וועלכען דער וועהלער וויל ניט שטימען.

pas'tern *n.* (פעס'-טערן) דער טייל פון א פערד'ס פוס פון דעם אונטערשטען קנעכעל ביז צו דער קאפיטע.

pas'tern-joint *n.* (פעס'-טערן-דזשאינט) דער געלענק פון אונטערשטען קנעכעל פון א פערד'ס פוס.

paste'-roll'er *n.* (פייסט'-ראול'-ער) א וואלגער-האלץ, א קאטשעלקע.

Pasteuriza'tion *n.* (פעס-טויר-אי-זיי'-שאן) דאס פאסטעריזירען אדער סטעריליזירען [דאס צושטערען די באצילען אין א פליסיגקייט, וועלכע ברייגנען זי צום איהרען אדער זויערען, ווי ביי וויין, מילך א.ד. ג. דאס ווערט געוועהנליך ערריכט דורך דערהיצען די פליסיגקייט ביז א געוויסען גראד].

Pasteur'ize *v.* (פעס-טויר'-איז) פאסטעריזירען אדער סטעריליזירען [צושטערען אין א פליסיגקייט די באצילען, וועלכע ברייגנען זי צום איהרען אדער זייערען, ווי ביי וויין, מילך א. ד. ג.].

Pasteur'izer *n.* (פעס-טויר'-אי-זער) א סטעריליזיר-אפאראט [אן אפאראט צום פאסטעריזירען אדער סטעריליזירען פליסיגקייטען]. ז. *Pasteurization*.

pastic'cio *n.* (פעס-טיטש'-יאו) א מישמאש, א צונויפמישעניש, א מישענינע; אן אפערא אדער אן אנדער מוזיקאליש ווערק, וואס איז צונויפגעמישט פון פערשיעדענע מוזיק-שטיקער; א נאכגעמאכט בילד אדער געמעלדע; א נאכאהמונג פון א פרעמדען סטיל אין מאלען.

pastiche' *n.* (פעס-טיש') ז. *pasticcio*.

pas'til *n. and v.* (פעס'-טיל) אן אויסרויכער-ליכטעל [אזא ליכטעל צונויפגעשטעלט פון פערשיעדענע שמעקעדיגע שטאפען וואס ווערט בענוצט אויסצורויכערען הייזער]: א צוקערקע, א קאנפעטעל; פאסטיל-פארב, וואסער-פארב; פאסטיל-מאלעריי: אין פייער-ווערק — א פאפיער-קעסטעל אנגעפילט מיט ברען-שטאף, וואס ווערט אנגעבונדען צו א זיך דרעהענדען געגענשטאנד; אויסרויכערען מיט אן אויסרויכער-ליכטעל.

pas'tille *n. and v.* (פעס'-טיל) ז. *pastil*.

pas'til-pa'per *n.* (פעס'-טיל-פיי'-פער) אויסרויכער-פאפיער [פאפיער צוגעריכט מיט פערשיעדענע שמעקעדיגע שטאפען צום אויסרויכערען הייזער].

pas'time *n.* (פעס'-טאים) צייט-פערטרייב, פערגניגען.

pas'ting *n.* (פייס'-טינג) דאס קלעפען מיט קליי, דאס בעשמיערען מיט קליי; דאס מאכען קליי אדער פאפ.

past'-mas'ter *n.* (פעסט'-מעס'-טער) ז. *passed master*.

pas'tor *n.* (פעס'-טאר) א פאסטאר, א גייסטליכער; דער רויזען-שטאר אדער אקער-דראסעל [אזא פויגעל וואס געפינט זיך מייסטענס אין די ערטער וואו סטאדעס בהמות פיטערען זיך].

pas'toral *a. and n.* (פעס'-טאר-על) הירטען-מעסיג, ווי א הירט אדער פאסטוך, וואס איז שייך צו א פאסטוך; וואס איז שייך צו א פאסטאר [גייסטליכער]; א הירטען-ליעד, אן אידיליע [א ליעד וואו עס ווערט בעשריבען דאס לעבען פון פאסטוכער אדער דאס דארפס-לעבען]; אן אפערא אדער אנדער מוזיקאליש ווערק וואס דער אינהאלט בעשטעהט פון אן אידיליע אדער פון רוהיגען, שטילען דארפס-לעבען; א פאסטאר-בריעף. ז *pastoral letter*.

pastora'le *n.* (פעס-טא-רא'-לע) אן אפערא אדער א מוזיקאלישעס ווערק וואס דער אינהאלט בעשטעהט פון אן אידיליע אדער פון דעם רוהיגען, שטילען דארפס-לעבען.

pas'toral flute (פעס'-טאר-על פלוהט) א פאסטוך-פייפעל.

pas'toralism *n.* (פעס'-טאר-על-איזם) דאס וואס טראגט דעם כאראקטער פון פאסטוכער-לעבען אדער פון דארפס-לעבען.

pas'toralize *v.* (פעס'-טאר-על-איז) בעזינגען אין א הירטען-ליעד אדער אין אן אידיליע; מאכען הירטען-מעסיג אדער אידיליען-מעסיג.

pas'toral let'ter (פעס'-טאר-על לעט'-ער) א פאסטאר-בריעף [א בריעף פון א בישאף, סינאד א. ז. וו. צו די גייסטליכע וואס שטעהען אונטער איהם אדער צום עולם].

pas'toral life (פעס'-טאר-על לאיף) דאס פאסטוכער-לעבען, דאס דארפס-לעבען.

pas'torally *adv.* (פעס'-טאר-על-אי) הירטען-מעסיג; אידילייש, דארפיש; אזוי ווי א פאסטאר, אויף דעם אופן פון א פאסטאר [גייסטליכער].

pas'toral staff (פעס'-טאר-על סטעף) דער בישאף-שטאק [אזא שטאק וואס ווערט געטראגען אין א רעליגיעזער צערעמאניע פון א בישאף].

pas'torate *n.* (פעס'-טאר-אייט) דאס פאסטאר-אמט, דאס אמט פון א גייסטליכען; דער טערמין וואס א פאסטאר איז אין אמט אין א געוויסען בעצירק; די גייסטליכע פון דער געמיינדע אלס קערפערשאפט.

pas'torist *n.* (פעס'-טאר-איסט) אן אידיליען-שרייבער, א הירטען-ליעדער דיכטער; אן אקטיאר וואס שטעלט פאר דאס דארפס-לעבען.

pas'torless *a.* (פעס'-טאר-לעס) אהן א פאסטאר, אהן א גייסטליכען.

pas'tor-like *a.* (פעס'-טאָר-לאַיק) ווי א פּאַסטאָר, ווי א גייסטליכער.

pas'torly *a.* (פעס'-טאָר-לי) ווי א פּאַס־טאָר, ווי א גייסטליכער; ווי עס פּאַסט פאַר א פּאַסטאָר.

pas'torship *n.* (פעס'-טאָר-שיפּ) דאָס אַמט אָדער די ווירדע פון א פּאַסטאָר.

pastourelle' *n.* (פעס-טוּה-רעל') אַזא בעוועגונג אין א קאַדריל.

past par'ticiple (פעסט פּאַר'-טי-סיפּל) דאָס פּאַרטיציפּיום אין דער פערגאַנגענער צייט. ז. *participle*.

past-per'fect *a.* and *n.* (פעסט-פּוּר'-פעקט) ז. *pluperfect*.

pas'try *n.* (פּייס'-טרי) געבעקס; פּאַשטעטען [ווי פּיראָגען, געפּילטע קוכען א. ד. ג.].

pas'try-cook *n.* (פּייס'-טרי-קוּק) א פּאַשטעטען אָדער פּיראָגען־בעקער; א רעס־טאָראַטאָר.

pas'try-man *n.* (פּייס'-טרי-מען) ז. *pastry-cook*.

pasturabil'ity *n.* (פעס-טשוּר-ע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען ארויסברייננגען פּאַשע [פּיטערונג].

pas'turable *a.* (פעס'-טשוּר-עבל) וואָס טויג פאַר פּאַשע, גוט פאַר פּיטערניס.

pas'turage *n.* (פעס'-טשוּר-עדזש) פּיטע־רונג; דאָס פּיטערען בהמות אויף'ן גראָז; א פּיטערונגס־אָרט, לאַנד צום פּיטערען בהמות.

pas'ture *n.* and *v.* (פעס'-טשוּר) פּאַשע, פּיטערונג, קאָרמע; פּאַשען, פּיטערען; זיך פּאַשען, זיך פּיטערען.

pas'ture-ground *n.* (פעס'-טשוּר-גראַונד) ז. *pasture-land*.

pas'ture-land *n.* (פעס'-טשוּר-לענד) לאַנד וואָס דיענט פאַר פּאַשע; א לאַנקע.

pas'tureless *n.* (פעס'-טשוּר-לעס) וואָס האָט ניט קיין פּאַשע [צום פּיטערען בהמות].

pas'turer *n.* (פעס'-טשוּר-ער) א פּיטע־רער פון בהמות; איינער וואָס בעשעפ־טיגט זיך מיט פּאַסטובעריי.

pas'ty *a.* and *n.* (פּייס'-טי) טייגיג; קלייאיג, קלעפּיג; א פּאַשטעטע, א קוכען.

pat *n.*, *v.*, *a.* and *adv.* (פּעט) 1. א לייכ־טער קלאַפּ [מיט דער האַנד אָדער מיט'ן פינגער]; א גערויש פון לייכטע קלעפּ איי־נער נאָך'ן אַנדערען; 2. אַן אויפגעשלאָגע־נע מאַסע פון עפּעס [ווי א שטיק פּוטער, א שטיק טייג א. ד. ג.]; 3. לייכט קלאַ־פּען; לייכט אויפשלאָגען; 4. פּאַסיג, צו־געפּאַסט; טויגליך, בעקוועם; אויף א צו־געפּאַסטען אופן; ריכטיג אין פּונקט.

4. The plan fell out pat.

pat'-a-cake' *n.* (פּעט'-ע-קייק') ז. *patty-cake*.

patache' *n.* (פּע-טעש') [א וואַכט־שיף] א קליין שיפעל, וואָס ווערט געברויכט ארי־בערצופיהרען מענשען אָדער בעפעהלע פון איין שיף אויף א צווייטער].

patagi'um *n.* (פּעט-ע-דזשאַי'-אָם) די אויסגעצויגענע הויט, וואָס דיענט ביי פלי־הענדע חיות [ווי פלעדערמייז א. ד. ג.] אַלס פליגלען צו פליהען.

patch *n.*, *a.* and *v.* (פּעטש) א לאַטע, אַן ארויפגעלעגט אָדער איינגענעהט שטי־קעל צייג; אַ שעהנהייטס־פּלאַסטערל [א קליין שוואַרץ פּלאַסטערל, וואָס פרויען פלעגען אַנקלעפּען אויף'ן געזיכט אום זיך צוצופּוצען חן]; א קליין שטיקעלע צייג אָדער לעדער, וואָס ווערט ארייגעלעגט אין א ביקס־פּאַטראָן, כדי אַבצוטיילען דעם פּולווער פון דער קויל; א קליין שטיקעל לאַנד; א קלאַון, א פּאַיאַץ, א קאָמעדיאַנט; צוזאַמענגעשטעלט פון לאַטעס אָדער קליי־נע שטיקלעך; פערלאַטען; בעציערען דאָס פּנים מיט שעהנהייטס־פּלאַסטערלעך; אַבּ־פּאַרטאַטשעווען; מאַכען אַבּי־ווי; אריינ־לעגען אין א ביקס־פּאַטראָן א שטיקעל צייג אָדער לעדער, כדי אַבצוטיילען דעם פּולווער פון דער קויל.

patch'able *a.* (פּעטש'-עבל) וואָס קען פערלאַטעט ווערען.

patch'-box *n.* (פּעטש'-באָקס) א קעסט־לע צו האַלטען שעהנהייטס־פּלאַסטערלעך. ז. *patch*.

patched *a.* (פּעטשט) געקליי־פּערלאַטעט; דעט אין פערשיעדענע קאָלירען [ווי א קלאַון].

patch'er *n.* (פּעטש'-ער) א לאַטוטניק.

patch'ery *n.* (פּעטש'-ער-אי) פּאַרטאַ־טשריי; פּאַרטאַטשקע ארבייט; בעטרי־געריי, שווינדעל; היפּאָקריטסטווע, צביעות.

patch'iness *n.* (פּעטש'-אי-נעס) דאָס זיין צונויפגעשטעלט ווי פון לאַטעס; דאָס אויסזעהן ווי צונויפגעלאַטעט.

patch'ing *n.* (פּעטש'-אינג) דאָס לאַטע־נען, דאָס ארויפלעגען א לאַטע; א פער־לאַטעטער אָרט; א לאַטע; א לעדערעל אין ביקס־פּאַטראָן. ז. *patch*.

patch'ingly *adv.* (פּעטש'-אינג-לי) אויף א בעטריגערישען אָדער היפּאָקריטישען אופן.

patchou'li *n.* (פּע-טשוּה'-לי) די פּאַ־טשולי־פלאַנצע [אַזא פלאַנצע אין אָסט־אינדיען פון וועלכער עס ווערט געמאַכט פּאַרפיום]; פּאַרפיום געמאַכט פון דער פּאַטשולי־פלאַנצע.

patchou'ly *n.* (פּע-טשוּה'-לי) ז. *patchouli*.

patch'-pock'et *n.* (פּעטש'-פּאָק'-עט) אַן ארויפגענעהטע קעשענע [ווי אַן ארויפ־געלעגטע לאַטע].

patch'work *n.* (פּעטש'-הוואירק) לאַטו־טעריי, פּאַרטאַטשקע ארבייט; א שטיק ארבייט וואָס איז צונויפגעשטעלט פון שטיקלעך שטאָף פון פערשיעדענע קאָלירען [ווי מען מאַכט עס פאַר דעקעס, קאָוויא־רען א. ד. ג.].

patch'y *a.* (פּעטש'-אי) צוזאַמענגעלאַ־טעט, צונויפגעשטוקעוועט פון לאַטעס; פול מיט לאַטעס.

pate *n.* (פּייט) דער קאָפּ; דער שפּיץ קאָפּ; די פעל פון א קעלבערנעם קאָפּ; שכל, "קלעפּקיע", "קאָפּ".

pa'ted *a.* (פּיי'-טעד) קעפּיג.

patefac'tion *n.* (פּעט-אי-פעק'-שאָן) די אָפענבאַרונג, די ענטפּלעקונג.

patel'la *n.* (פּי-טעל'-ע) א קליין שיסע־לע אָדער טעלער; דאָס קניע־שיסעלע [דער פלאַכער אוואַלער שיסעל־פערמיגער קניע־ביין]; אין זאָאָלאָגיע — א טייל וואָס איז ענהליך צו א שיסעלע; דער ערשטער גע־לענק פון פוס ביים קערפּער פון אינזעק־טען; די ראַפּף־שנעקע. ז. *rock-limpet*.

pat'ellar *a.* (פּעט'-ע-לאַר) וואָס איז שייך צו דעם קניע־שיסעלע.

pat'en *n.* (פּעט'-ען) א ברייטער פלאַ־כער טעלער; א טאַץ; א פלאַכער טעלער אָדער טאַץ אויף וועלכען עס ליעגט דאָס הייליגע ברויט אין קירך.

pa'tency *n.* (פּיי'-טען-סי) דאָס זיין אָפען, דאָס זיין אָפען פאַנאַנדערגעשפּרייט.

pat'ent *a.*, *n.* and *v.* (פּעט'-ענט) אָפען; עפענטליך; אויסגעשפּרייט; פּאַטענטירט; געשיצט דורך א פּאַטענט; א פּריווילעגיע, א פּאַטענט־שיין, אַן אָפיציעלער דאָקומענט וואָס גאַראַנטירט וועלכע עס איז פּריווי־לעגיע; א פּאַטענט, אַן ערפינדונג; די גאַראַנטיע וואָס עס ווערט געגעבען פון דער רעגיערונג צו אַן ערפינדער, אַז ער האָט דאָס אויסשליסליכע רעכט פאַר א גע־וויסער צאָהל יאָהרען אויף זיין ערפינ־דונג און אַז קיין אַנדערער טאָר אָהן זיין ערלויבניס זיך מיט איהר ניט בענוצען אָדער זי פּאַבריצירען; פּאַטענטירען, ארויסנעהמען א פּאַטענט, פּערזיכערען דורך א פּאַטענט.

patentabil'ity *n.* (פּעט-ען-טע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען פּאַטענטירט ווערען [ווע־גען אַן ערפינדונג].

pat'entable *a.* (פּעט'-ען-טעבל) וואָס קען פּאַטענטירט ווערען [וועגען אַן ער־פינדונג].

patentee' *n.* (פּעט-ען-טיע') איינער וואָס האָט א פּאַטענט; איינער וועמען עס איז ארויסגעגעבען געוואָרען א פּאַטענט־שיין אָדער א פּריווילעגיע.

pat'ent leath'er (פּעט'-ענט לעטה'-ער) לאַקיער־לעדער, גלאַנץ־לעדער.

pat'ent med'icine (פּעט'-ענט מעד'-אי-סין) א פּאַטענטירטער היילמיטעל.

pat'ent of'fice (פּעט'-ענט אָפ'-איס) דאָס פּאַטענט־אַמט [דאָס ביוראָ אָדער דער דעפּאַרטאַמענט פון דער רעגיערונג, וואָס גיט ארויס פּאַטענט־צייגניסע צו ערפינ־דער].

pat'entor *n.* (פּעט'-ען-טאָר) איינער וואָס גיט ארויס א פּאַטענט; איינער וואָס האָט אָדער קריעגט א פּאַטענט.

pat'ent-right *n.* (פּעט'-ענט-ראַיט) פּאַ־טענט־רעכט, דאָס אויסשליסליכע רעכט וואָס ווערט גאַראַנטירט פון דער רעגיע־רונג צו אַן ערפינדער אויסצונוצען זיין ערפינדונג.

pat'ent-rolls *n.* (פּעט'-ענט-ראָולז) דאָס פּאַטענט־רעגיסטער [א בוך וואו עס ווערען פערשריבען אַלע ארויסגעגעבענע פּאַטענטען].

pa'ter *n.* (פּיי'-טער) א פּאַטער, א פּריס־טער, א מאָנאַך.

pat'era *n.* (פּעט'-ע-רא) אַן אָפּפער־בע־קען, אַזא פלאַכער בעקען וואָס די פּריס־טער אין אַלטען רוים פלעגען בענוצען פאַר טראַנק־אָפּפער [קרבן נסך]; אין ארכי־טעקטור — א טעלער־פערמיגע פּערציע־רונגס־בלום.

paterfamil'ias *n.* (פּיי-טער-פע-מיל'-אי-עס) דער פּאַטער פון דער פאַמיליע, דער הויפּט, דער עלטעסטער פון הויז.

pat'eriform *a.* (פּעט'-ע-רי-פּאָרם) טע־לער־פערמיג, וואָס האָט דעם אויסזעהן פון א פלאַכען טעלער אָדער טאַס.

pater'nal *a.* (פּיי-טוּר'-נעל) פּאַטער־ליך; וואָס קומט פון פּאַטער; פון פּאַ־טער'ס צד.

My paternal grandfather lived to a ripe old age.

pater'nalism *n.* (פּיי-טוּר'-נעל-איזם) פּאַטערנאַליזם, א פּאַטערליכע רעגיערונגס־סיסטעם, א סיסטעם וואו די רעגיערונג מישט זיך זעהר פיעל אין די פּריוואַטע אַנגעלעגענהייטען און געשעפטען פון די בירגער.

paternalis'tic *a.* (פּיי-טוּר-נע-ליס'-טיק) פּאַטערנאַליסטיש, וואָס איז שייך צו פּאַטערנאַליזם. ז. *paternalism*.

pater'nally *adv.* (פּיי-טוּר'-נע-לי) פּאַטערליך, אויף א פּאַטערליכען שטייגער.

pater'nity *n.* (פּיי-טוּר'-ני-טי) 1. פּאַ־טערשאַפט; פּאַטערליכקייט; 2. די אַבשטאַ־

מונג פון פאטער'ס צד; 3. פערפאסערשאפט, אורשפרונג, אבשטאמונג.
3. The paternity of this book was warmly disputed.

pa'ternos'ter *n.* (פיי'-טער-נאס'-טער) פאטער־אונזער [א בעוואוסטע קריסטליכע תפלה, וועלכע פאנגט זיך אן מיט די לאטיינישע ווערטער "פאטער נאסטער"]; פאטשערעס אדער רויזען־קראנץ [א שנור קארעלען וואס די קאטויליקען בענוצען ביי זייערע תפלות. יעדער עלפטער קארעל פון דיעזער שנור איז גרעסער פון די איבריגע און די קאטויליקען צעהלען זיי ווען זיי זאגען די תפלה "פאטערנאסטער"]; דער עלפטער גרויסער קארעל פון די פאטשערעס; א פערציערונג, וועלכע איז עהנליך צו פאטשערעס.

pa'ternos'ter-pump *n.* (פיי'-טער-נאס'-טער-פאמפ) א קייטען־פומפ. ז. *chain-pump*

pa'ternos'ter-wheel *n.* (פיי'-טער-נאס'-טער-הוויעל) א קייטען־פומפ. ז. *chain-pump*

path *n. and v.* (פעטה) א וועג; א שטעג; אויסטרעטען א וועג; אויסלעגען אדער אויספלאסטערען א וועג; געהן.

pathet'ic *a. and n.* (פע-טהעט'-איק) פאטעטיש, ריהרענד; וואס איז שייך צו דער אוינגען־ראלע אדער צו דעם פאטעטישען נערוו; דער פאטעטישער אדער ראל־מוסקול־נערוו [איינער פון די נערוועו אין ארביט פון אויג].

pathet'ical *a.* (פע-טהעט'-אי-קעל) פאטעטיש, ריהרענד.

pathet'ically *adv.* (פע-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א פאטעטישען אופן; ריהרענד.

pathet'icalness *n.* (פע-טהעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ריהרענד, דאס זיין פאטעטיש.

pathet'icus *n.* (פע-טהעט'-אי-קאס) א פאטעטישער נערוו, א ראל־מוסקול נערוו [איינער פון די נערוועו, וועלכע געפינען זיך אין דעם ארביט פון אויג].

path'etism *n.* (פעטה'-ע-טיזם) טהיריִשער מאגנעטיזם; מעזמעריזם. ז. *mesmerism*

path'etist *n.* (פעטה'-ע-טיסט) איינער וואס פראקטיצירט מעזמעריזם. ז. *mesmerism*

path'finder *n.* (פעטה'-פאינ-דער) א וועג־פינדער; א פארשער; א פיאנער.

path'ic *a. and n.* (פעטה'-איק) וואס איז שייך צו א קראנקהייט; א מאן וואס ווערט בענוצט פאר משכב זכור אדער פעדעראסטיע.

path'less *a.* (פעטה'-לעס) אהן א וועג, אהן אן אויסגעטראטענעם וועג.

pathogen'esis *n.* (פעטה-א-דזשען'-ע-סיס) דער אופן ווי א קראנקהייט ענטשטעהט אדער ענטוויקעלט זיך.

pathogenet'ic *a.* (פעטה-א-דזשי-נעט'-איק) ז. *pathogenic*

pathogen'ic *a.* (פעטה-א-דזשענ'-איק) וואס רופט ארויס א קראנקהייט.

pathog'enous *a.* (פע-טהאדזש'-ע-נאס) ז. *pathogenic*

pathog'eny *n.* (פע-טהאדזש'-ע-ני) די לעהרע וועגען ענטשטעהונג פון קראנקהייטען; דער אופן ווי א קראנקהייט ענטשטעהט אדער ענטוויקעלט זיך.

pathognomon'ic *a.* (פע-טהאג-נא-מאנ'-איק) וואס צייגט אן דורך וואס א קראנקהייט קען דערקענט ווערען; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א קראנקהייט [וואס איז נור צו געפינען אין דיעזער קראנקהייט און ניט אין קיין אנדערער].
The pathognomonic sign of love is jealousy.

pathog'nomy *n.* (פע-טהאג'-נא-מי) די לעהרע וועגען די סימפטאמען [סמנים] פון קראנקהייטען; די לעהרע וועגען די סימפטאמען פון מענשליכע ליידענשאפטען און אויפגערעגטע געפיהלען.

pathograph'ical *a.* (פעטה-א-גרעפ'-אי-קעל) פאטאגראפיש, וואס איז שייך צו פאטאגראפיע. ז. *pathography*

pathog'raphy *n.* (פע-טהאג'-רע-פי) פאטאגראפיע, א בעשרייבונג פון קראנקהייטען.

patholog'ic *a.* (פעטה-א-לאדזש'-איק) פאטאלאגיש; וואס איז שייך צו פאטאלאגיע [די לעהרע וועגען קראנקהייטען].

patholog'ical *a.* (פעטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *pathologic*

patholog'ically *adv.* (פעטה-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א פאטאלאגישען אופן; אין בעצוג צו פאטאלאגיע. ז. *pathology*

pathol'ogist *n.* (פע-טהאל'-א-דזשיסט) א פאטאלאגיסט, א קענער פון פאטאלאגיע. ז. *pathology*

pathol'ogy *n.* (פע-טהאל'-א-דזשי) פאטאלאגיע, די לעהרע וועגען קראנקהייטען.

pathopho'bia *n.* (פעטה-א-פאו'-בי-א) אן איבערטריבענע מורא פאר קראנקהייטען; א קראנקהאפטע מורא.

pathopœ'ia *n.* (פעטה-א-פיע'-יא) א רעדע וואס רייצט די ליידענשאפטען.

pa'thos *n.* (פיי'-טהאס) פאטהאס, אן אויסדרוק פון א שטארקער ליידענשאפטליכער בעגייסטערונג; אן אויסדרוק פון א געהויבענער שטימונג.
The speaker's address was full of pathos.

path'way *n.* (פעטה'-הוויי) א וועג; א שטעג.
They met in a pathway in the garden behind the house.

patib'ulary *a.* (פע-טיב'-יו-לע-רי) ווי א תליה.

patib'ulated *a.* (פע-טיב'-יו-ליי-טעד) אויפגעהאנגען אויף א תליה.

pa'tience *n.* (פיי'-שענס) געדולד; ענגלישער שפינאט, אמפפערקרויט אדער שטשאוו; אזא קארטען־שפיעל.

pa'tient *a. and n.* (פיי'-שענט) געדולדיג; געדולדיג אויסדויערענד; א פאציענט, א חולה, א קראנקער.

pa'tiently *adv.* (פיי'-שענט-לי) מיט געדולד, אויף א געדולדיגען אופן.

pat'ina *n.* (פעט'-אי-נא) פאטינא, אנטיקען־גריז, די גרינקייט אויף אלטע בראנז; א פאן, א ברייטער פלאכער טעלער.

pat'inated *a.* (פעט'-אי-ניי-טעד) בעדעקט מיט פאטינא. ז. *patina*

patina'tion *n.* (פעט-אי-ניי'-שאן) דאס בעדעקט ווערען מיט פאטינא. ז. *patina*

pat'io *n.* (פעט'-אי-או) א הויף פאר א הויז [אין שפאניען און אין שפאניש־אמעריקאנישע געגענדען].

pat'ly *adv.* (פעט'-לי) פאסליך, צונויפאסט, בעקוועם.

pat'ness *n.* (פעט'-נעס) בעקוועמליכקייט, פאסליכקייט, צונויפאסטקייט.

patois' *n.* (פע-טוא') א דיאלעקט, א דארפישע ארט ריידען, א גראבע רעדענסארט.

pa'tres conscrip'ti (פיי'-טריז קאנ-סקריפ'-טאי) פאטערס און אויסנעוועהלטע [אלס טיטול פון סענאטארען אין אלטען רוים].

pa'tria *n.* (פיי'-טרי-א) — אין זאאלאגיע דאס פאטערלאנד, דער אבשטאמונגס־פלאץ פון א געוויסען מין חיות.

pa'trial *n. and a.* (פיי'-טרי-על) אין גראמאטיק — א הויפט־ווארט געבילדעט פון דעם נאמען פון א לאנד [ווי למשל: אן ענגלענדער, א גאליציאנער]; וואס בעצייכענט א פאמיליע, א ראסע, א שבט אדער פאלק [וועגען ווערטער].

pa'triarch *n.* (פיי'-טרי-ארק) א פאטריארך, א פאמיליען־הערשער, א שטאם־פאטער [הויפטזעכליך די אידישע פאטריארכען: אברהם, יצחק ויעקב און יעקב'ס זיהן]; דער ראש פון אידישען סנהדרין, אן ערץ־בישאף, א הויכער קריסטליכער בעאמטער ביי די מארמאנען, א הויך־געאכטעטער מאן, עטוואס וואס רופט ארויס אכטונג.

pa'triarchal *a.* (פיי'-טרי-אר-קעל) פאטריארכיש; וואס איז שייך צו א פאטריארך [שטאם־פאטער]; וואס איז שייך צו אן ערץ־בישאף, אונטערווארפען אן ערץ־בישאף; פאטריארכאליש, וואס איז שייך צו דער פאטריארכאלישער ארדנונג אדער צום פאטריארכאט. ז. *patriarchy*

pa'triarchalism *n.* (פיי'-טרי-אר-קעל-איזם) פאטריארכאט, פאטריארכאלע ארדנונג. ז. *patriarchy*

pa'triarchally *adv.* (פיי'-טרי-אר-קעל-אי) ווי א פאטריארך; לויט דער פאטריארכאלישער ארדנונג. ז. *patriarchy*

pa'triarchate *n.* (פיי'-טרי-אר-קייט) דאס אמט אדער די הערשאפט פון א פאטריארך אדער ערץ־בישאף; דער בעצירק אונטער אן ערץ־בישאף; די וואהנונג פון אן ערץ־בישאף; פאטריארכאט. ז. *patriarchy*

patriar'chic *a.* (פיי-טרי-אר'-קיק) ז. *patriarchal*

pa'triarchism *n.* (פיי'-טרי-אר-קיזם) פאטריארכיזם, די הערשאפט פון א פאמיליען־פאטער אדער פאטריארך.

pa'triarchship *n.* (פיי'-טרי-ארק-שיפ) דאס אמט פון א פאטריארך [ערץ־בישאף].

pa'triarchy *n.* (פיי'-טרי-אר-קי) פאטריארכאט, פאטריארכאלע ארדנונג [די געזעלשאפטליכע ארדנונג, אין וועלכער די הערשאפט איבער דער פאמיליע און שבט ליעגט אין די הענד פון פאמיליען־פאטער אדער פון דעם הויפט פון די פערוואנדטע פאמיליען און די קרובה'שאפט און דאס ירושה־רעכט געהט נאך'ן פאטער, אין געגענזאץ צו מאטריארכאט אדער פרויען־הערשאפט. ז. *matriarchy*]; דער בעצירק אונטער דער יוריסדיקציע פון א פאטריארך אדער ערץ־בישאף.

patri'cian *n. and a.* (פיי-טריש'-ען) אין פארצייטיגען רוים — א פאטריציער, איינער וואס האט אבגעשטאמט פון די ערשטע רוימישע בירגער, אן אדעלינער, אן אריסטאקראט; וואס איז שייך צו די אלט־רוימישע סענאטארען אדער פאטריציער; אדעליג.

patri'cianhood *n.* (פיי-טריש'-ען-הוד) דאס זיין א פאטריציער [אן אריסטאקראט, אן אדעליגער]; פאטריציערטום, אדעל.

patri'cianism *n.* (פיי-טריש'-ען-איזם) דאס זיין א פאטריציער אדער אן אריסטאקראט, אדעליגקייט.

patri'ciate *n.* (פיי-טריש'-אי-אייט) דאס זיין א פאטריציער; די פאטריציער, אדעל, אריסטאקראטיע; די פעריאדע אין וועלכער איינער איז געווען א פאטריציער. ז. *patrician*

pat'ricidal *a.* (פעט'-רי-סאי-דעל) וואס

איז שייך צו א פאטער־מארד אדער פאַ־טער־מערדער.

pat'ricide *n.* (פעט'־רי־סאיד) א פאטער־מארד ; א פאטער־מערדער.

patrimo'nial *a.* (פעט־רי־מאָ'־ני־על) ערבליך, וואס איז געקומען בירושה פון עלטערען.

patrimo'nially *adv.* (פעט־רי־מאָ'־ני־על־אי) בירושה.

pat'rimony *n.* (פעט'־רי־מאָ־ני) א ירושה־גוט, א יהושה [פון עלטערען]; קירכליכע גיטער אדער איינקינפטע.

pa'triot *n. and a.* (פיי'־טרי־אָט) א פאטריאט ; פאטריאטיש.

patriot'ic *a.* (פיי־טרי־אָט'־איק) פאַט־ריאָטיש.

patriot'ical *a.* (פיי־טרי־אָט'־אי־קעל) פאטריאָטיש.

patriot'ically *adv.* (פיי־טרי־אָט'־אי־קעל־אי) מיט פאטריאָטיזם ; אויף א פאַט־ריאָטישען אופן.

pa'triotism *n.* (פיי'־טרי־אָט־איזם) פאטריאָטיזם.

pa'trist *n.* (פיי'־טריסט) א פאטריסט, איינער וואס איז גוט בעקאנט מיט דער לעבענס־געשיכטע אדער מיט די ווערק פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'tic *a.* (פיי־טריס'־טיק) פאטריס־טיש, וואס איז שייך צו די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'tical *a.* (פיי־טריס'־טי־קעל) ז. *patristic*

patris'tically *adv.* (פיי־טריס'־טי־קעל־אי) פאטריסטיש ; לויט די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'ticism *n.* (פיי־טריס'־טי־סיזם) די לעהרע אדער די ליטעראטור פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך.

patris'tics *n.* (פיי־טריס'־טיקס) פאטריס־טיק, פאטראלאָגיע [דאס שטודיום פון די לעהרען און פון דער ליטעראטור פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך].

patrol' *n. and v.* (פע־טראָל') א פאַט־רול, א רונד־וואך, אן אבכאָר ; פאטרולי־רונג ; פאטרולירען, האלטען רונד־וואך.

patrol'man *n.* (פע־טראָל'־מען) א פאַ־ליציסט ; איינער וואס פאטרולירט אדער האלט רונד־וואך.

patrol'ogy *n.* (פיי־טראָל'־א־דזשי) פאטריסטיק, פאטראָלאָגיע. ז. *patristics*

pa'tron *n., a. and v.* (פיי'־טראָן) 1. א פאטראָן, א בעשיצער ; א בעגינסטיגער ; אן אונטערשטיצער, א פערט־דינער ; א שוץ־הייליגער ; איינער וואס בעשטימט פאר א קירכליכען אמט ; 2. א בעל־הבית, אן איינענטימער ; וואס איז א פאטראָן אדער בעשיצער ; 3. פאטראָניזירען ; זיין א פאַט־ראָן, בעשיצער אדער אונטערשטיצער.

1. American millionaires often are patrons of art.

pa'tronage *n.* (פיי'־טראָנ־איידזש) 1. בעשיצונג, שוץ, בעגינסטיגונג, אונטער־שטיצונג ; 2. דער שוץ פון א הייליגען [ביי קריסטען] ; 3. די קאָנטראָל איבער דער אויסטיילונג פון קהל'שע עמטער ; די קהל'שע עמטער, וועמעס אויסטיילונג ווערט קאָנטראָלירט ; 4. פאטראָנאט [דאס בעשטימען אויף קירכליכע עמ־טער].

1. The concert was given under the patronage of well known persons. 3. The governor used the patronage of his office for the benefit of his party.

pa'tronal *a.* (פיי'־טראָנ־על) וואס איז א פאטראָן; בעשיצענד, פערטיידיגענד, בע־גינסטיגענד. ז. *patron*

pa'troness *n.* (פיי'־טראָנ־עס) א פאַט־ראָנין, א בעשיצעריז, א פערטיידיגעריז; א שוץ־הייליגע. ז. *patron*

pa'tronise *v.* (פיי'־טראָנ־איז) ז. *patronize*

pa'troniser *n.* (פיי'־טראָנ־אי־זער) ז. *patronizer*

pa'tronising *a.* (פיי'־טראָנ־אי־זינג) ז. *patronizing*

pa'tronisingly *adv.* (פיי'־טראָנ־אי־זינג־לי) ז. *patronizingly*

pa'tronize *v.* (פיי'־טראָנ־איז) 1. פאַט־ראָניזירען, העלפען, שטיצען, בעשיצען, בעגינסטיגען ; 2. בעהאנדלען מעשה גדול, אראָבלאזען זיך [ווי צו א קלענערען פון זיך].

1. We do not patronize cheap stores. 2. He patronized us with a few words.

pa'tronizer *n.* (פיי'־טראָנ־אי־זער) א בעשיצער, אן אונטערשטיצער, איינער וואס בעגינסטיגט אדער פאטראָניזירט.

pa'tronizing *a.* (פיי'־טראָנ־אי־זינג) 1. פאטראָניזירענד, שיצענד, אונטערשטי־צענד ; 2. בעהאנדלענדיג מעשה גדול אדער אראָבלאזענדיג זיך [צו א קלענע־רען פון זיך].

2. His manner is too patronizing to suit me.

pa'tronizingly *adv.* (פיי'־טראָנ־אי־זינג־לי) מעשה גדול, פון אויבען אראב, ווי אראָבלאזענדיג זיך [צו א קלענערען פון זיך].

pa'tronless *a.* (פיי'־טראָנ־לעס) שוצ־לאָז, אהן א בעשיצער, אהן אן אונטער־שטיצער.

patronomatol'ogy *n.* (פעט־רא־נאָמ־ע־טאָל'־א־דזשי) דאס שטודיום פון נע־מען פון פערזאָנען און זייער אבשטאמונג.

Pa'trons of Hus'bandry (פיי'־טראָנז אוו האָז'־בענד־רי) אן אמעריקא־נישער פערמער־אָרדען. ז. *granger*

patronym'ic *n. and a.* (פעט־רא־נימ'־איק) א פאטראָנימיקאָן [א נאמען וואס שטאמט פון דעם פאטער'ס נאמען אדער פון די נעמען פון פאָר־עלטערען, ווי למשל: לייווערסאָן, וויליאמסאָן, מעקדאָנאלד, ני־קאָלאיעוויטש א. ז. וו.]; א פאמיליען־נאמען ; פאטראָנימיש, וואס איז שייך צו א פאטער־נאמען אדער פאמיליען־נאמען, וואס איז שייך צו יענער געזעלשאפטלי־כער אָרדנונג, וואו קינדער בעלאנגען צו דעם פאטער'ס פאמיליע און טראגען דעם נאמען פון דעם פאטער'ס פאמיליע.

patronym'ical *a.* (פעט־רא־נימ'־אי־קעל) פאטראָנימיש. ז. *patronymic*

patron'ymy *n.* (פעט־ראָנ'־אי־מי) פאטראָנימיע [די געזעלשאפטליכע אָרד־נונג, אין וועלכער פאמיליען־נעמען גע‍הען איבער פון פאטער צום זוהן, אין נעגענ־זאץ צו מאטראָנימיע, וואו דער פאמי־ליען־נאמען געהט איבער פון דער מוטער צו דער טאכטער].

patroon' *n.* (פע־טרוהן') א פאטרון [אונטער דער פארצייטיגער האלענדישער הערשאפט אין די איצטיגע שטאטען ניו יארק און ניו דזשוירזי, אין די פער־אייניגטע שטאטען פון אמעריקא — איי־נער וואס האט געקראגען פון דער רעגיע־רונג א טראקט לאנד מיט די רעכטען פון די פארצייטיגע פעאָדאלען אדער פריצים. די פריווילעגיעס פון די פאטרונען זיינען אבגעשאפט געוואָרען אין יאהר 1850].

patroon'ship *n.* (פע־טרוהנ'־שיפ) דאס זיין א פאטרון, די פריווילעגיעס פון א פאטרון. ז. *patroon*

pat'ten *n.* (פעט'־ען) א הילצערנער שוך ; א שוך מיט א הילצערנער זויל [פאדעשווע]; דער פוס פון א זייל אין א געביידע ; די קלאָץ, וואס דיענט אלס פונדאמענט פאר א וואנד.

pat'tened *a.* (פעט'־ענד) אין הילצערנע שיך, וואס טראגט שיך מיט הילצערנע זוילען.

pat'ter *n. and v.* (פעט'־ער) קלאפען, שנעל און דריבנע קלאפען [ווי א רע־גען]; מורמלען ; רעדען אדער זאגען שנעל ; געהן מיט שנעלע טריט, מאכענדיג דערביי א רויש ווי פון א פאלענדען רע־גען; מתפלל זיין, דאַווענען ; א קלאפען [ווי פון א רעגען]; דאס מורמלען ; דאס רעדען אדער זאגען שנעל ; פלוידעריי ; א דיאלעקט, א זשארגאָן.

pat'terer *n.* (פעט'־ער־ער) א מורמלער, איינער וואס רעדט שנעל ; א הויזירער אדער פעדלער וואס ציהט צו קונים אין די גאסען דורך לאנגע רעדעס.

pat'ter flash (פעט'־ער פלעש) רעדען א זשארגאָן ; רעדען גנבים־שפראך.

pat'tern *n. and v.* (פעט'־ערן) 1. מאָדעל, א שאבלאָן ; 2. אן אוזאר, א מוסטער ; 3. א גענוגענדע צאהל אדער מאס פון א מאטעריאל פאר א גאנצער זאך ; 4. דיענען אלס מוסטער ; מאכען אוזארען.

2. The silk is of a beautiful pattern. 3. We bought a pattern of dress-material. 4. He is a man to be patterned after.

pat'tern-book *n.* (פעט'־ערן־בוק) א בוך פון מוסטערען.

pat'tern-card *n.* (פעט'־ערנ־קארד) א מוסטער־קארטע, א קארטע מיט אויפגע־קלעפטע מוסטערען ; א בוך פון מוסטער־קארטען.

pat'tern-ma'ker *n.* (פעט'־ערנ־מיי'־קער) א מאָדעלען־מאכער, א מוסטערען־מאכער.

pat'teroon *n.* (פעט'־ער־אוהן) ז. *patroon*

pat'ter-song *n.* (פעט'־ער־סאָהנג) א ליעד, וואס ווערט געזונגען זעהר שנעל.

pat'ty *n.* (פעט'־אי) א קליינער פאשטעט, א קליינער געפילטער קוכען.

pat'ty-cake *n.* (פעט'־אי־קייק) פאטש־פאטש־קיכעלעך [א קינדער־שפיעל, ביי וועלכער זיי זינגען און פאטשען צו מיט די הענטלעך].

pat'ty-pan *n.* (פעט'־אי־פען) א פאש־טעט־בלעך, א בלעך צום באקען קליינע פאשטעטען אדער געפילטע קוכענס.

pat'ulous *a.* (פעטש'־יו־לאָס) פאנאנ־דערגעשפרייט, אפען.

pau'cify *v.* (פאָה'־סי־פאי) מאכען ווע־ניג, מאכען עס זאל זיין ווינציג.

pau'city *n.* (פאָה'־סי־טי) וועניגקייט, ווינציגקייט.

paul *n.* (פאָהל) אן אבהאלטס־האקען. ז. *pawl*

pau'lin *n.* (פאָה'־לין) גראבע לייוונט.

Pau'linism *n.* (פאָה'־לינ־איזם) די לעהרע פון דעם אפאסטאל פאול ; עטוואס כאראקטעריסטישעס פאר דעם אפאסטאל פאול און זיינע לעהרען.

Pau'linist *n.* (פאָה'־לינ־איסט) א פאָו־ליסט, אן אנהענגער פון דעם אפאסטאל פאול'ס לעהרען.

Pau'list *n.* (פאָה'־ליסט) א פאול־מאנאך [איינער פון א מאנאכען־אָרדען, וואס האלט זיך אן די לעהרען פון אפאסטאל פאול ; א מיטגליעד פון אן אמעריקאני־שען קאטוילישען מיסיאָנערען־אָרדען].

paunch *n.* (פאהנטש) דער בויך; דער ערשטער מאגען פון די מעלי גרה.

paun'chiness *n.* (פאהנ'-טשי-נעס) דיק⸗בייכיגקייט.

paun'chy *a.* (פאהנ'-טשי) דיק⸗בייכיג.

pau'per *n. and a.* (פאה'-פער) א פאופער, אן ארימאן, א בעטלער, א שנארער; וואס איז שייך צו ארימע לייט.

pauperisa'tion *n.* (פאה-פער-אי-זיי'-שאן) ז. *pauperization*

pau'perise *v.* (פאה'-פער-איז) ז. *pauperize*

pau'perism *n.* (פאה'-פער-איזם) פאופעריזם, ארימקייט, בעטלער⸗שטאנד; בעטלערשאפט, בעטלער, ארימע לייט [בכלל].

pauperiza'tion *n.* (פאה-פער-אי-זיי'-שאן) פערארימונג.

pau'perize *v.* (פאה'-פער-איז) פאופעריזירען, פערארימען.

pau'sal *a.* (פאה'-זעל) וואס איז שייך צו א פויזע. ז. *pause*

pause *n. and v.* (פאהז) א פויזע, א קורצער אבשטעל, אן אברוה אדער אונטערברעכונג; אין מוזיק⸗נאטען — א פויזע⸗צייכען אדער א צייכען [𝄐 אדער 𝄑] וואס צייגט, אז א טאן קען געצויגען ווערען ווי לאנג מען וויל; דאס וואקלען זיך, דאס איבערלעגען זיך; אונענטשלאסענהייט; מאכען א פויזע, זיך אבשטעלען, אונטערברעכען; צענגערען, זיך וואקלען, זיין אונענטשלאסען, ניט האבען קיין חשק צו עפעס; אבלעגען.

pause'fully *adv.* (פאהז'-פול-אי) אבהאלטענד; אונטערברעכענד; צווינגענדיג צו מאכען א פויזע.

pause'less *a.* (פאהז'-לעס) אונאויפהערליך, אהן אונטערברעכונג.
The pauseless activity of life.

pause'lessly *adv.* (פאהז'-לעס-לי) אהן אונטערברעכונג, אהן אויפהער.
A cool wind streamed pauselessly down the valley.

pau'ser *n.* (פאה'-זער) איינער וואס שטעלט זיך אב אדער מאכט א פויזע; איינער וואס דענקט נאך וועגען עפעס.

pause upon' (פאהז א-פאן') זיך אבשטעלען אויף עפעס; זיך פערטראכטען אויף עפעס.

pau'sing *n.* (פאה'-זינג) א פויזע, א צייטווייליגע אונטערברעכונג.

pau'singly *adv.* (פאה'-זינג-לי) זיך אבשטעלענדיג, מיט פויזען אדער אונטערברעכונגען; נאכדענקענדיג.

paut *n.* (פאהט) יוטע [אינדישער פלאקס].

pa'vage *n.* (פיי'-וועדזש) ברוקיר⸗געלד [ביישטייערונג אדער שטייער פאר ברוקירען גאסען און אויסלעגען וועגען]; דורכגאנג⸗געלד [אן אבצאהל פאר דעם רעכט דורכצוגעהן איינעמס לאנד].

pav'an *n.* (פעוו'-ען) אזא לאנגזאמער שפאנישער אדער איטאליענישער טאנץ; מוזיק פאר אזא טאנץ.

pave *v.* (פייוו) פלאסטערען, ברוקירען; אויסלעגען א וועג.

paved *a.* (פייווד) ברוקירט, געפלאסטערט; עהנליך צו ברוקירונג.

pave'ment *n. and v.* (פייוו'-מענט) פלאסטערונג, א ברוק, א טראטואר; א ברוק⸗עהנליכער געבוי [פון קערפער⸗טיילען]; ברוקירען, פלאסטערען.

pave'ment-ram'mer *n.* (פייוו'-מענט-רעמ'-ער) א ברוקיר⸗מאשין [איינצושלאגען ברוק⸗שטיינער].

pav'en *n.* (פעוו'-ען) ז. *pavan*

pa'ver *n.* (פיי'-ווער) א פלאסטערער, א ברוקירער; א ראמבאק [אריינצוקלאפען ברוקיר⸗שטיינער]; א ברוק⸗שטיין, א פלאסטער⸗ציגעל. ז. *paving-rammer*

pa'vers' ram'mer (פיי'-ווערז רעמ'-ער) ז. *paving-rammer*

pave the way (פייוו טהי הוויי) אויסטרעטען א וועג; מאכען אן אנפאנג.
His manly letter paved the way for a reconciliation with his wife.

pa'viage *n.* (פיי'-ווי-עדזש) ז. *pavage*

pavid'ity *n.* (פע-וויד'-אי-טי) שרעקעדיגקייט.

pavil'ion *n. and v.* (פע-וויל'-יאן) א געצעלט, א ביידעל; א פאוויליאן, א נעבען⸗געביידע; דער אויסערער אויער⸗טייל; א פלאג; בעזארגען מיט א פאוויליאן אדער געצעלט; בעשיצען אין א געצעלט.

pa'ving *n.* (פיי'-ווינג) ברוקירונג, פלאסטערונג; ברוק.

pa'ving-bee'tle *n.* (פיי'-ווינג-ביע'טל) ז. *paving-rammer*

pa'ving-machine' *n.* (פיי'-ווינג-מע-שין') א ברוק⸗מאשין [צום איינשלאגען ברוק⸗שטיינער אדער צום אויסגלייכען אן אספאלט⸗פלאסטערונג].

pa'ving-ram'mer *n.* (פיי'-ווינג-רעמ'-ער) א טראמבאווקע, א ראמבאק אדער ברוקיר⸗קלאץ [צום איינשלאגען ברוק⸗שטיינער].


Paving-rammer

pa'ving-stone *n.* (פיי'-ווינג-סטאון) א פלאסטער⸗שטיין, א ברוקיר⸗שטיין.

pa'ving-tile *n.* (פיי'-ווינג-טאיל) א פלאסטער⸗ציגעל.

pa'vior *n.* (פיי'-וויער) ז. *paver*

Pa'vo *n.* (פיי'-וואו) דער מין פאווען; דאס פאווע⸗שטערנבילד [אזא שטערן⸗גרופע].

Pavo

pavo'nian *a.* (פע-וואו'-ני-ען) פאווען⸗עהנליך, וואס איז שייך צו א פאווע; וואס פוצט זיך, וואס ציערט זיך [הויפטזעכליך אהן געשמאק פדער אום זיך צו ווארפען אין די אויגען].

pav'onine *a. and n.* (פעוו'-א-נין) פאוויש, וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פאווע; וואס ציערט זיך, וואס פוצט זיך; א שימערירענדער גלאנץ [ווי פון דעם עק פון א פאווע].

pavo'nious *a.* (פע-וואו'-ני-אס) מיט אויגען⸗עהנליכע פלעקען [ווי דער עק פון א פאווע].

paw *n. and v.* (פאה) 1. א לאפע; א שפיצעל; 2. אויסציהען די לאפעס אדער פאדערשטע פיס, קלאפען אדער קראצען מיט די לאפעס; 3. אונגעשיקט האלטען אדער אומגעהן ארום עפעס; 4. חנפ'נען, זיך אונטערלעקען [ווי א הונד].
2. The lion pawed the ground.

pawed *a.* (פאהד) מיט לאפעס; ברייט⸗פיסיג.

pawl *n. and v.* (פאהל) אן אבהאלטס⸗האקען [פעסטצוהאלטען א ראד, הויב⸗מאשין אויף א שיף א. ז. וו. אדער זיי ניט לאזען זיך בעוועגען צוריק]; בעפעסטיגען מיט אן אבהאלטס⸗האקען.

pawn *n. and v.* (פאהן) א משכון; דאס זיין פער'משכונ'ט אדער דאס דיענען אלס משכון; א לאמבארד; א לייה⸗אנשטאלט [אויף משכנות]; א פויער אדער סאלדאטעל [אין שאך⸗שפיעל]; פער'משכונ'ען.

paw'nable *a.* (פאה'-נעבל) וואס קען פער'משכונ'ט ווערען.

pawn'broker *n.* (פאהנ'-בראו-קער) איינער וואס לייהט געלד אויף משכנות, אן איינענטימער פון א לאמבארד.

pawn'broker's balls (פאהנ'-בראו-קערז באהלז) די דריי נעגילטע באלען, וואס דיענען אלס צייכען אדער שילד פון אן אמעריקאנער לאמבארד [וואו מען לייהט געלד אויף משכנות].

pawn'broking *n.* (פאהנ'-בראו-קינג) דאס לייהען געלד אויף משכנות.

pawnee' *n.* (פאה-ניע') איינער וועמען מען גיט א משכון.

per'iderm *n.* (פער'-אי-דוירם) די אויסערע הארטע הויט אדער בעדעקונג פון וואסער-חיות; די אויסערע קארע אדער קארק מיט וועלכער דער שטאם פון געוויסע פלאנצען ווערט בעוואקסען אין א בעשטימטען עלטער.

per'idot *n.* (פער'-אי-דאט) דער קריזאליט [אזא אליוו-גרינער מינעראל, וועלכער ווערט בענוצט אלס עדעלשטיין].

per′idrome *n.* (פער׳-אי-דראום) דער גאנג צווישן די זיילען און ווענד אין די אלטע טעמפלען.

periege′sis *n.* (פער-אי-אי-דזשי׳-סיס) א רונד־רייזע, א דורכרייזע.

perier′gia *n.* (פער-אי-אויר׳-דזשי-א) ז. *periergy*.

per′iergy *n.* (פער׳-אי-אויר-דזשי) אן איבערטריבענע גענויאיגקייט אדער פינקט־ליכקייט, בעזונדערס אין דעם סטיל פון א רעדע; א געקינסטעלטער באמבאסטי־שער סטיל.

perigas′tric *a.* (פער-אי-געס׳-טריק) וואס איז ארום דעם דארם אדער שפייז־קאנאל.

perigastri′tis *n.* (פער-אי-געס-טראי׳-טיס) ענטצינדונג פון דער בויך־פעל [די הויט, וואס בעדעקט דעם חלל פון דעם בויך].

per′igee *n.* (פער׳-אי-דזשיע) דער נעהנטסטער פונקט פון דעם ארביט [קרייז־וועג] פון דער לבנה צו דער ערד.

periglot′tis *n.* (פער-אי-גלאט׳-איס) די אויבערשטע הויט פון צונג.

per′igon *n.* (פער׳-אי-גאן) א פעריגאן, א קוואנטיטעט פון 4 רעכטע ווינקלען וואס מאכט אויס 360 גראד.

per′igone *n.* (פער׳-אי-גאון) ז. *perianth*.

per′igraph *n.* (פער׳-אי-גרעף) אן אונ־גענויע אדער אונאקוראטע בעצייכנונג.

perigyn′ium *n.* (פער-אי-דזשינ׳-אי-אם) דער שלויך אדער די הילע פון דעם פיסטיל [ווייבליכער ארגאן] פון די ריעדגראז־פלאנצען.

perihe′lion *n.* (פער-אי-הי׳-לי-אן) דער נעהנטסטער פונקט פון דעם ארביט [קרייז־וועג] פון א פלאנעט אדער קא־מעט צו דער זון.

perihe′lium *n.* (פער-אי-הי׳-לי-אם) ז. *perihelion*.

per′il *n. and v.* (פער׳-איל) א געפאהר; ברענגען אדער שטעלען אין געפאהר; רי־זיקירען; זיין אין געפאהר.

per′ilous *a.* (פער׳-איל-אס) געפעהר־ליך; ריזיקאליש.

per′ilously *adv.* (פער׳-איל-אס-לי) אויף א געפעהרליכען אדער ריזיקאלישען אופן; געפעהרליך; מיט געפאהר.

per′ilousness *n.* (פער׳-איל-אס-נעס) געפעהרליכקייט.

perim′eter *n.* (פי-רים׳-ע-טער) דער פערימעטער, דער אומפאנג; די אומפאנגס־מאס פון א פיגור; אן אינסטרומענט צו מעסטען די זעהונגס־קראפט פון די פער־שיעדענע טיילען פון דער נעץ־הויט פון אויג.

perime′tral *a.* (פער-אי-מי׳-טרעל) וואס געפינט זיך אדער קומט פאר ביי אדער ארום דער געבעהר־מוטער.

perimet′ric *a.* (פער-אי-מעט׳-ריק) פע־רימעטריש, וואס איז שייך צום אומפאנג פון א פיגור; וואס געפינט זיך אין דעם אומפאנג; וואס געפינט זיך אדער קומט פאר ביי אדער ארום דער געבעהר־מוטער.

perimet′rical *a.* (פער-אי-מעט׳-רי-קעל) ז. *perimetric*.

perimetri′tis *n.* (פער-אי-מי-טראי׳-טיס) ענטצינדונג ארום דער געבעהר־מו־טער.

perinæ′al *a.* (פער-אי-ניע׳-על) ז. *perineal*.

perinæ′um *n.* (פער-אי-ניע׳-אם) ז. *perineum*.

perine′al *a.* (פער-אי-ניע׳-על) וואס איז שייך צו דעם מיטעל־פלייש אדער דאס פון קערפער. ז. *perineum*.

perineph′ral *a.* (פער-אי-נעפ׳-רעל) וואס געפינט זיך ארום די ניערען.

perineph′rial *a.* (פער-אי-נעפ׳-רי-על) וואס רינגעלט ארום די ניערען.

perinephri′tis *n.* (פער-אי-נעפ-ראי׳-טיס) אן ענטצינדונג פון דעם געוועב וואס איז ארום די ניערען.

perineph′rium *n.* (פער-אי-נעפ׳-רי-אם) דאס געוועב וואס רינגעלט ארום די ניערען.

perine′um *n.* (פער-אי-ניע׳-אם) דאס מיטעל־פלייש אדער דאס, דער טייל פון קערפער וואס איז צווישען די פאלקעס [שענקעל] פון דער עפנונג פון הינטער־לייב [פי טבעת] ביז צו דעם אנפאנג פון געשלעכטס־ארגאן.

perioc′ular *a.* (פער-אי-אק׳-יו-לאר) וואס רינגעלט ארום דעם אויגען־עפעל.

pe′riod *n.* (פי׳-רי-אד) א פעריאדע; א צייט־אבשניט; א תקופה; אן עפאכע; א פאלשטענדיגער.גאנצער זאץ; א פונקט; אן אבשטעל־פונקט, א פונקט וואס צייגט אן דעם סוף פון א זאץ; אין מאטעמא־טיק — א ציפער־גרופע וועלכע איז אב־געטיילט מיט א פונקט אדער קאמא; דער אינטערוואל צווישען די גלייכע זיך ווי־דערהאלענדע ווערטהען פון א פערענדער־ליכער גרעסע, וועלכע הענגט אב פון אן אנדער גרעסע [ווען x צ. ב. איז גליך דעם טאנגענס פון y, דאן ווען דער ווערטה פון y ווערט בעשטענדיג געענדערט ווע־לען צוזאמען אויף זיך ווידערהאלט ענדע־רען די ווערטהען פון x לויט בעשטימטע אינטערוואלען אדער פעריאדען]; א ספע־ציעלע פאזע אין דעם פערלויף פון א קראנקהייט; א פאלשטענדיגער מוזיקאלי־שער זאץ.

period′ic *a.* (פי-רי-אד׳-איק) פעריא־דיש; קרייז־לויפענד; וואס ערשיינט אדער קומט פאר רעגעלמעסיג [צו א בע־שטימטער צייט]; וואס איז שייך צו א פאלשטענדיגען גאנצען זאץ.

period′ical *a. and n.* (פי-רי-אד׳-אי-קעל) פעריאדיש; וואס ערשיינט אדער קומט פאר רעגעלמעסיג [צו א בעשטימ־טער צייט]; וואס איז שייך צו א צייט־שריפט [וועלכע ערשיינט רעגעלמעסיג צו א בעשטימטער צייט]; א צייטשריפט [וועלכע ערשיינט רעגעלמעסיג צו א בע־שטימטער צייט].

period′icalist *n.* (פי-רי-אד׳-אי-קעל-איסט) א זשורנאליסט, א שרייבער אין א צייטשריפט; אן ארויסגעבער פון א צייטשריפט.

period′ically *adv.* (פי-רי-אד׳-אי-קעל-אי) פעריאדיש, פארקומענדיג אדער ערשיינענדיג רעגעלמעסיג [צו א בעשטימ־טער צייט].

period′ic curve (פי-רי-אד׳-איק קוירוו) א מאטעמאטישע קרומע ליניע וואס די פארם פון איהרע טיילען ווידער־האלען זיך.

period′ic dec′imal (פי-רי-אד׳-איק דעס׳-אי-מעל) א פעריאדישע ברוך־צאהל [א דעצימאל ברוך־צאהל וואס בעשטעהט פון גרופען צאהלען, וועלכע חזר׳ען זיך כסדר איבער, ווי צ. ב., 354, 354, 354....].

periodic′ity *n.* (פי-רי-א-דיס׳-אי-טי) דאס זיין פעריאדיש; די פעריאדישע, רע־געלמעסיגע ערשיינונג אדער ווידערקעהר.

period′ic law (פי-רי-אד׳-איק לאה) דאס פעריאדישע געזעץ אין כעמיע [דאס געזעץ וועגען דער בעציהונג פון כעמישע עלעמענטען, וואס ווערט אויסגעדריקט דורך דעם זאץ, דאס די אייגענשאפטען פון די עלעמענטען זיינען פעריאדישע פונקציאנען פון זייער אטאמישען געוויכט. ווען די כעמישע עלעמענטען ווערען אויס־געשטעלט אין דער ארדנונג לויט זייער אטאמישען געוויכט, דאן בעמערקט מען א רעגעלמעסיגע ווידערהאלונג פון סעריעס עלעמענטען, וועלכע האבען עהנליכע פי־זיקאלישע און כעמישע אייגענשאפטען, דאס הייסט, אז די אייגענשאפטען פון די כעמישע עלעמענטען, אבהענגיג פון זייער אטאמישען געוויכט, ווידערהאלען זיך פע־ריאדיש. דורך דער אויסשטעלונג פון די כעמישע עלעמענטען אין דיעזער ארדנונג, קען מען אלזא אויסגעפינען, אויב עס פעהלען נאך וועלכע עס איז כעמישע עלע־מענטען, וועלכע זיינען נאך ניט ענטדעקט געווארען].

period′ic stars (פי-רי-אד׳-איק סטארז) שטערען ביי וועלכע עס קומט פאר א רע־געלמעסיגע ענדערונג אין זייער העלקייט און ליכטיגקייט צו בעשטימטע צייטען.

periodonti′tis *n.* (פער-אי-או-דאנ-טאי׳-טיס) די ענטצינדונג פון דער ביין־הויט אין די גריבעלעך וואו עס זיצען די צייהנער.

Periœ′ci *n.* (פער-אי-איע׳-סאי) די פע־ריעקען, די בירגער פון אלטען לאקאניען [גריכענלאנד], צו וועלכע עס איז נגע־בען געווארען פון זייערע בעזיעגער דאס רעכט אויף האנדעל און געשעפט אין ספארטא, אבער זיי זיינען געוועזן אויסגע־שלאסען פון דער שטאאטס־פערוואלטונג.

periœ′ci *n.* (פער-אי-איע׳-סאי) די איינ־וואהנער פון דעמזעלבען ברייט־גראד [פא־ראלעל] פון דער ערד, נאר אויף אן ענטגעגענגעזעצטען לענגען־גראד [מערי־דיאן] אזוי, דאס, ווען אין איין פלאץ איז מיטאג־צייט איז אין דעם אנדערען האלבע נאכט.

periop′tic *a.* (פער-אי-אפ׳-טיק) וואס רינגעלט ארום דעם ארביט פון אויג.

perio′ral *a.* (פער-אי-או׳-רעל) וואס איז ארום דעם מויל.

perior′bital *a.* (פער-אי-אהר׳-בי-טעל) וואס איז שייך צו דעם ארביט פון אויג.

perios′teal *a.* (פער-אי-אס׳-טי-על) וואס בעדעקט א ביין.

perios′teous *a.* (פער-אי-אס׳-טי-אס) ז. *periosteal*.

perios′teum *n.* (פער-אי-אס׳-טי-אם) קנאכען־הויט, ביין־הויט [דאס דינע הייַ־טעל וואס בעדעקט די ביינער פון קער־פער].

periostit′ic *a.* (פער-אי-אס-טיט׳-איק) וואס ליידט פון ביין־הויט ענטצינדונג.

periosti′tis *n.* (פער-אי-אס-טאי׳-טיס) אן ענטצינדונג פון דער ביין־הויט.

perio′tic *a.* (פער-אי-או׳-טיק) וואס רינגעלט ארום דעם אינערליכען טייל פון אויער.

peripatet′ic *a. and n.* (פער-אי-פע-טעט׳-איק) ארומגעהענד, ארומרייזענד; אן ארומגעהער, אן ארומרייזער.

Peripatet′ic *n. and a.* (פער-אי-פע-טעט׳-איק) א נאכפאלגער פון דעם גריכי־שען פילאזאף אריסטאטעל; וואס איז שייך צו דער פילאזאפיע פון אריסטאטעל אדער צו זיינע נאכפאלגער.

peripatet′ical *a.* (פער-אי-פע-טעט׳-אי-קעל) ארומגעהענד, ארומרייזענד.

peripatet′ic school (פער-אי-פע-טעט׳-

איק סקוהל) די פילאזאפישע שולע פון
דעם אלט-גריכישען פילאזאף אריסטאטעל.
periph'erad *adv.* (פע-ריפ'-ע-רעד) צו
דער פעריפעריע, צום אומקרייז-צו, צו דער
אויבערפלעכע, אוועק פון צענטער.
periph'eral *a.* (פע-ריפ'-ע-רעל) וואס
געפינט זיך אין דער פעריפעריע [אומ-
קרייז אדער אומפאנג]; וואס איז שייך צו
דער פעריפעריע; אין אנאטאמיע — וואס
איז דערוויטערט פון צענטער [וועגען
גליעדער].
periph'erally *adv.* (פע-ריפ'-ע-רעל-
אי) אויף אדער פון דער פעריפעריע; אין
בעצוג צו דער פעריפעריע [אומקרייז,
אומפאנג].
peripher'ic *a.* (פער-אי-פער'-איק)
ז. *peripheral*.
peripher'ical *a.* (פער-אי-פער'-אי-קעל)
ז. *peripheral*.
periph'ery *n.* (פע-ריפ'-ע-רי) די פע-
ריפעריע, דער אומקרייז, דער אומפאנג
פון א קרייז; די אויבערפלעכע אדער דער
אומפאנג פון א קערפער.
per'iphrase *n. and v.* (פער'-אי-פרייז)
א פעריפראזע, אן ערקלערונג אדער אויס-
דרוק אין מעהר ווערטער ווי נויטיג, דאס
געברויכען צופיעל ווערטער אין ארומריי-
דען אן עניין וועלכען מען קען אויסדריקען
קירצער און שארפער; ריידען איבער אן
עניין ניט גלייך צום פונקט נאר אין ארומי-
גע וועגען; געברויכען צופיעל ווערטער אין
אן ערקלערונג.
periph'rasis *n.* (פע-ריפ'-רעי-סיס) א
פעריפראזע, אן ערקלערונג אדער אויס-
דרוק אין מעהר ווערטער ווי נויטיג; אן
ארומריידונג פון אן עניין אין פיעל ווער-
טער, ווען מען קען דאסזעלבע אויסדריקען
קירצער און שארפער.
periphras'tic *a.* (פער-אי-פרעס'-טיק)
וואס האט דעם כאראקטער פון א פערי-
פראזע, וואס איז אויסגעדריקט אין מעהר
ווערטער ווי נויטיג.
periphras'tical *a.* (פער-אי-פרעס'-טי-
קעל) ז. *periphrastic*.
periphras'tically *adv.* (פער-אי-
פרעס'-טי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון
א פעריפראזע. ז. *periphrase*.
per'iplus *n.* (פער'-אי-פלאס) אן ארום-
שיפונג אויף'ן ים; אן ארומרייזע.
peripneumo'nia *n.* (פער-אי-ניו-מאו'-
ני-א) לונגען-ענטצינדונג.
peripneumon'ic *a.* (פער-אי-ניו-מאנ'-
איק) וואס איז שייך צו לונגען-ענטצינדונג.
peripneu'mony *n.* (פער-אי-ניו'-מא-
ני) ז. *peripneumonia*.
peripolyg'onal *a.* (פער-אי-פא-ליג'-א-
נעל) וואס האט פיעלע זייטען און ווינק-
לען.
perip'teral *a.* (פע-ריפ'-טע-רעל) ארום-
גערינגעלט מיט זיילען [וועגען א טעמ-
פעל אדער געביידע].
perip'teros *n.* (פע-ריפ'-טע-ראס) א
טעמפעל אדער געביידע וואס איז ארום-
גערינגעלט מיט א רייהע זיילען.
perip'terous *a.* (פע-ריפ'-טע-ראס) מיט
פעדערען פון אלע זייטען; וואס איז ארום-
גערינגעלט מיט א רייהע זיילען [וועגען א
געביידע]; אין באטאניק — ארומגערינ-
געלט מיט א דינעם ראנד.
perip'tery *n.* (פע-ריפ'-טע-רי)
ז. *peripteros*.
per'isarc *n.* (פער'-אי-סארק) די הארטע
הארן-הויט וואס בעדעקט די ווייכע טיי-
לען פון ים-חיות.
Peris'cian *n. and a.* (פע-ריש'-אי-ען)
אן איינוואהנער פון די פאלאר-קרייזען;
וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון די
פאלאר-קרייזען. ז. *Periscii*.
Peris'cii *n.* (פע-ריש'-אי-אי) די איינ-
וואהנער פון די פאלאר-קרייזען [ווערען
אזוי גערופען, ווייל אין דער צייט פון
דעם דארטיגען זומער בעוועגט זיך זייער
שאטען ארום זיי אין א קרייז].
per'iscope *n.* (פער'-אי-סקאופ) א פע-
ריסקאפ [אזא אפטישער אינסטרומענט
אויף אונטערוואסער-שיפלעך דורך וועלכען
מען קען זעהן וואס עס קומט פאר איבער'ן
וואסער, ווען דאס שיפעל איז אונטער'ן
וואסער].
periscop'ic *a.* (פער-אי-סקאפ'-איק)
וואס איז צום קוקען פון אלע זייטען; וואס
איז קאנקאוו-קאנוועקס [וועגען ברילען].
periscop'ical *a.* (פער-אי-סקאפ'-אי-
קעל) ז. *periscopic*.
per'ish *v.* (פער'-איש) אומקומען, פער-
געהן, פערדארבען אדער פערניכטעט ווע-
רען; ניט ווערען, שטארבען.
perishabil'ity *n.* (פער-איש-ע-ביל'-
אי-טי) ז. *perishableness*.
per'ishable *a.* (פער'-איש-עבל) פער-
גענגליך, שטערבליך; וואס קען פערדאר-
בען אדער פערניכטעט ווערען.
per'ishableness *n.* (פער'-איש-עבל-
נעס) פערגענגליכקייט; שטערבליכקייט;
צושטערבארקייט, פערניכטבארקייט.
per'ishably *adv.* (פער'-איש-ע-בלי)
קענענדיג פערדארבען אדער פערניכטעט
ווערען; פערגענגליך, שטערבליך.
per'isperm *n.* (פער'-אי-ספוירם) אין
באטאניק — דאס זאמען-אייוויים [דאס
איי-וויים אדער דער נאהרונגס-שטאף וואס
געפינט זיך אין א זאמען אדער קערנ-
דעל]; דאס געוועב אדער הייטעל וואס
רינגעלט ארום דאס קיים-זעקעלע פון א
זאמען אדער קערנדעל וואס ענטהאלט איי-
וויים.
perisper'mic *a.* (פער-אי-ספויר'-מיק)
וואס האט זאמען-איי-וויים.
ז. *perisperm*.
perispher'ic *a.* (פער-אי-ספער'-איק)
באל-פערמיג, קוגעל-פערמיג [רונד].
perispher'ical *a.* (פער-אי-ספער'-אי-
קעל) ז. *perispheric*.
per'ispore *n.* (פער'-אי-ספאור) אין בא-
טאניק — דאס אויסערע הייטעל פון א
קיים-קערן. ז. *spore*.
perissolog'ical *a.* (פע-ריס-א-לאדזש'-
אי-קעל) וואס שיט מיט ווערטער, וואס
געברויכט צופיעל ווערטער [אין ריידען
אדער שרייבען].
perissol'ogy *n.* (פער-אי-סאל'-א-דזשי)
אן אויסגוס פון ווערטער, אן אוננויטיגער
געברויך פון ווערטער.
perissosyllab'ic *a.* (פע-ריס-א-סי-
לעב'-איק) וואס האט איבעריגע זילבען.
peristal'sis *n.* (פער-אי-סטעל'-סיס) די
אייגענטימליכע מוסקול-בעוועגונג פון די
חלל'דיגע ארגאנען פון קערפער, ווי פון
די קישקעס [דורך דיזער מוסקול-בעווע-
גונג ווערט די פערדייהטע שפייז ארויס-
געשטויסען פון די געדערים].
peristal'tic *a.* (פער-אי-סטעל'-טיק) פע-
ריסטאלטיש, וואס ציהט זיך צונויף אין
קרייזען אדער אין רינגען [ווי די קיש-
קעס ארויסשטויסענדיג די פערדייהטע
שפייז]; אין עלעקטריציטעט — וואס בע-
צייכענט די עלעקטראסטאטישע אינדוק-
ציאן, וועלכע עקזיסטירט צווישען צוויי
אדער מעהרערע עלעקטריש לייטענדע דרא-
טען, וועלכע געפינען זיך אין איין איזא-
לירענדען ראהר [ווי אין א קאבעל].
peristal'tically *adv.* (פער-אי-סטעל'-
טי-קעל-אי) אויף א פעריסטאלטישען אופן.
ז. *peristaltic*.
per'istyle *n.* (פער'-אי-סטאיל) א זיילען-
גאלעריע, א זיילען-גאנג [אין א געביי-
דע].
perisys'tole *n.* (פער-אי-סיס'-טא-לי)
דער שטילשטאנד פון הארצען צווישען זיין
צונויפציהען און פאנאנדערציהען זיך.
peritonæ'al *a.* (פער-אי-טא-ניע'-על)
ז. *peritoneal*.
peritonæ'um *n.* (פער-אי-טא-ניע'-אם)
ז. *peritoneum*.
peritone'al *a.* (פער-אי-טא-ניע'-על)
וואס איז שייך צו דער בויך-פעל [די הויט
וואס בעדעקט דעם חלל פון בויך].
peritone'um *n.* (פער-אי-טא-ניע'-אם)
די בויך-פעל [די הויט וואס בעדעקט דעם
חלל פון בויך].
peritonit'ic *a.* (פער-אי-טא-ניט'-איק)
וואס איז שייך צו בויך-פעל-ענטצינדונג.
peritoni'tis *n.* (פער-אי-טא-נאי'-טיס)
אן ענטצינדונג פון דער בויך-פעל.
perit'ropal *a.* (פער-איט'-רא-פעל) זיך
דרעהענדע, קרייזענד.
per'iwig *n. and v.* (פער'-אי-הוויג)
א פארוק; אנטהאן א פארוק; בעדעקען
דעם קאפ; אנטהאן א קאפ-צודעק.
per'iwig-pa'ted *a.* (פער'-אי-הוויג-
פיי'-טעד) וואס טראגט א פארוק.
per'iwinkle *n.* (פער'-אי-הווינקל) דאס
ווינטער-גרין [אזא גארטען-פלאנצע מיט
בעשטענדיג גרינע בלעטער און בלויע בלו-
מען]; אזא ים-שנעקע.
per'jure *v.* (פויר'-דזשור) שווערען
פאלש; זאגען פאלשע עדות; מאכען שול-
דיג אין פאלש שווערען.
per'jured *a.* (פויר'-דזשורד) שולדיג אין
פאלש שווערען; וואס האט געשווארען
פאלש.
per'juredly *adv.* (פויר'-דזשורד-לי)
דורך א פאלשער שבועה, דורך פאלש שווע-
רען.
per'jurer *n.* (פויר'-דזשו-רער) איינער
וואס שווערט פאלש.
per'jury *n.* (פויר'-דזשו-רי) דאס פאלש
שווערען.
perk *v. and a.* (פוירק) זיך פוצען;
אויספוצען; נעשייט בעוועגען מיט'ן קאפ;
זיך האלטען פראנטעוואטע אדער נעשייט;
שארף אנקוקען, דורכדרינגען מיט די אוי-
גען; אויסגעפוצט, פראנטעוואטע; גדלות'-
דיג.
per'kin *n.* (פויר'-קין) אזא זארט שווא-
כער בארנעמס-קוואס.
per'king *a.* (פויר'-קינג) דורכדרינגענד
[מיט די אויגען].
He has little restless, perking eyes.
per'ky *a.* (פויר'-קי) פערשייט; פראנ-
טעוואטע; גדלות'דיג.
perla'ceous *a.* (פויר-ליי'-שיאס) פערל-
ארטיג, ווי פערל.
per'lite *n.* (פויר'-לאיט) דער פערל-שטיין
[אן אייגענטימליכע פארם פון געוויסע
גלאז-ארטיגע פעלזען, וועלכע זיינען צו-
נויפגעשטעלט פון פערל-ענהליכע קייקע-
לעך].
perlustra'tion *n.* (פויר-לאס-טריי'-
שאן) דאס דורכמוסטערען, די דורכפאר-
שונג, דאס דורכזעהן.
per'manence *n.* (פויר'-מע-נענס) פער-
מאנענץ, דויערהאפטיגקייט, בעשטענדיג-
קייט.

per'manency *n.* (פויר'-מע-נען-סי) ז. *permanence*

per'manent *a.* (פויר'-מע-נענט) פערמאנענט, דויערהאפט, פערבלייבענד, אנהאלטענד, בעשטענדיג.

per'manently *adv.* (פויר'-מע-נענט-לי) אויף א פערמאנענטען אופן; פאר בעשטענדיג, פאר א לאנג דויערענדער צייט.

permeabil'ity *n.* (פויר-מי-ע-ביל'-אי-טי) דורכדרינגליכקייט, דורכדרינגנבארקייט, דורכלעסיגקייט, דאס האבען די אייגענשאפט דורכצולאזען.

per'meable *a.* (פויר'-מי-עבל) דורכדרינגליך, דורכדרינגנבאר, דורכלעסיג, וואס האט די אייגענשאפט דורכצולאזען.

per'meably *adv.* (פויר'-מי-ע-בלי) אויף א דורכדרינגליכען אופן; דורכלעסיג, דורכדרינגנבאר.

per'meant *a.* (פויר'-מי-ענט) וואס געהט דורך, וואס דרינגט דורך.

per'meate *v.* (פויר'-מי-אייט) דורכדרינגען; דורכגעהן.

permea'tion *n.* (פויר-מי-איי'-שאן) דאס דורכדרינגען; דאס זיין דורכגעדרונגען.

per'meative *a.* (פויר'-מי-איי-טיוו) וואס דרינגט דורך.

permil'lage *n.* (פער-מיל'-עדזש) דאס פערהעלטניס פון טויזענד, די צאהל פון טויזענד טיילען.

permis'cible *a.* (פער-מיס'-איבל) וואס קען געמישט ווערען.

permissibil'ity *n.* (פער-מיס-אי-ביל'-אי-טי) צולעסיגקייט, דאס קענען ערלויבט ווערען.

permis'sible *a.* (פער-מיס'-איבל) וואס קען ערלויבט ווערען, צולעסיג, וואס מען קען צולאזען.

permis'sibly *adv.* (פער-מיס'-אי-בלי) אויף א צולעסיגען אופן; קענענדיג ערלויבט ווערען.

permis'sion *n.* (פער-מיש'-אן) אן ערלויבניס; אן ערלויבניס-פאפיער.

permis'sive *a.* (פער-מיס'-איוו) וואס קען ערלויבט ווערען, צולעסיג; ערלויבט.

permis'sively *adv.* (פער-מיס'-איוו-לי) מיט ערלויבניס.

permis'sory *a.* (פער-מיס'-א-רי) ערלויבענדיג, וואס איז שייך צו אן ערלויבניס; בעגרינדעט אויף אן ערלויבניס; ערלויבט.

permit' *n. and v.* (פער-מיט') 1. אן ערלויבניס, אן ערלויבניס-פאפיער; 2. ערלויבען.

1. This is a permit to parade in the street. 2. Permit me to answer your question.

permit'tance *n.* (פער-מיט'-ענס) עלעקטראסטאטישע קאפאציטעט [די מאס סטאטישע עלעקטריציטעט וואס א קערפער קען ענטהאלטען]; אן ערלויבניס.

permittee' *n.* (פער-מי-טיע') דער, וועמען אן ערלויבניס אדער ערלויבניס-פאפיער איז געגעבען.

permit'ter *n.* (פער-מיט'-ער) דער וואס גיט אן ערלויבניס.

permittiv'ity *n.* (פער-מי-טיוו'-אי-טי) די ספעציפישע אינדוקציאנס-קאפאציטעט [די מאס סטאטישע עלעקטריציטעט וואס א שטאף קען אויפנעהמען אין פערגלייך מיט דער לופט].

permix'tion *n.* (פער-מיקס'-טשאן) א געמיש.

permutabil'ity *n.* (פער-מיו-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פערביטען, פערטוישט אדער פערוועקסעלט ווערען.

permu'table *a.* (פער-מיו'-טעבל) וואס קען פערביטען אדער פערטוישט ווערען.

permu'tableness *n.* (פער-מיו'-טעבל-נעס) ז. *permutability*

permu'tably *adv.* (פער-מיו'-טע-בלי) דורך פערבייטען אדער פערטוישען; צו פערוועקסלען.

permuta'tion *n.* (פער-מיו-טיי'-שאן) פערביטונג, אומבייטונג, ענדערונג, פערטוישונג; איבערשטעלונג.

permute' *v.* (פער-מיוט') פערביטען, אומבייטען, ענדערען, פערטוישען; איבערשטעלען.

pern *n.* (פוירן) א בוסארד, א מויז-פאלק [אזא רויב-פויגעל].

per'nancy *n.* (פויר'-נען-סי) דאס איינ-נעהמען הכנסות מיט נאטור-פראדוקטען.

perni'cious *a.* (פער-ניש'-אס) זעהר שעדליך, פערדערבליך; טויטליך.

perni'ciously *adv.* (פער-ניש'-אס-לי) אויף א זעהר שעדליכען אדער פערדערבליכען אופן; טויטליך.

perni'ciousness *n.* (פער-ניש'-אס-נעס) שעדליכקייט, פערדערבליכקייט.

pernick'etiness *n.* (פער-ניק'-ע-טי-נעס) איבערטריבענע פינקטליכקייט אין קלייניגקייטען; דאס פאדערען גענויאיגקייט און פינקטליכקייט; דאס זיין געמאכט מיט איבערטריבענער פינקטליכקייט און קלייגליכער גענויאיגקייט.

pernick'ety *a.* (פער-ניק'-ע-טי) איבערטריבען פינקטליך אין קלייניגקייטען; וואס פאדערט איבערטריבענע פינקטליכקייט און קלייגליכע גענויאיגקייט; געמאכט מיט איבערטריבענער אדער קלייגליכער פינקטליכקייט.

pernocta'tion *n.* (פויר-נאק-טיי'-שאן) דאס דורכוואכען די נאכט.

per'nor *n.* (פויר'-נאר) איינער וואס נעהמט איין הכנסות פון לאנד.

per'one *n.* (פער'-א-ני) דער וואדען-ביין [דער דינער ביין וועלכער געהט צוזאמען מיט דעם שינביין פון דער קניע ביז'ן קנעכעל און האט די עהנליכקייט צו דער נאדעל פון א בראשקע].

perone'al *a.* (פער-א-ני'-על) וואס איז שייך צום וואדען-ביין. ז. *perone*

perone'us *n.* (פער-א-ני'-אס) אין אנאטאמיע — איינער פון די מוסקולען פון וואדען-ביין. ז. *perone*

per'orate *v.* (פער'-א-רייט) פערענדיגען א רעדע מיט קלינגענדיגע פראזען און מליצות; האלטען א רעדע [הויפטזעכליך א מליצה'דיגע אדער מיט קלינגענדע פראזען].

perora'tion *n.* (פער-א-ריי'-שאן) דער שלוס פון א רעדע [וואו דער רעדנער חזר'ט איבער און שטרייכט אונטער דעם הויפט-פונקט פון ענין, איבער וועלכען ער האט גערעדט].

perox'id *n.* (פויר-אק'-סיד) דאס היפער-אקסיד ארער סופער-אקסיד [אן אקסיד אדער זויערשטאף-פערבינדונג, וואס ענטהאלט אין זיך מעהר זויערשטאף איידער אנדערע אקסידען פון דעמזעלבען מין].

perox'idate *v.* (פויר-אק'-סי-דייט) ז. *peroxidize*

peroxida'tion *n.* (פויר-אק-סי-דיי'-שאן) דאס פעראקסידירען, דאס איבערזעטיגען מיט זויערשטאף.

perox'ide *n.* (פויר-אק'-סיד) ז. *peroxid*

perox'idize *v.* (פויר-אק'-סי-דאיז) פעראקסידירען, איבערזעטיגען מיט זויערשטאף.

perpend' *v.* (פויר-פענד') בעטראכטען עפעס.

per'pend *n.* (פויר'-פענד) ז. *perpender*

perpen'der *n.* (פויר-פען'-דער) דער שטרעק-שטיין פון א געביידע [א געביידע-שטיין וואס געהט דורך אדער שטרעקט זיך אויס פון ביידע זייטען וואנד].

perpendic'ular *a. and n.* (פויר-פען-דיק'-יו-לאר) פערפענדיקולאר, זענקרעכט; וואס שניידט דורך א ליניע אדער פלעכע אונטער א גראדען ווינקעל; א פערפענדיקולארע ליניע [א ליניע וואס שניידט דורך אן אנדערע אונטער א גראדען ווינקעל, ווי די ליניע ***AB*** איז פערפענדיקולאר צו דער ליניע ***CD***].



Perpendicular

perpendicular'ity *n.* (פויר-פען-דיק-יו-לער'-אי-טי) דאס זיין פערפענדיקולאר; די זענקרעכטע ריכטונג.

perpendic'ularly *adv.* (פויר-פען-דיק'-יו-לאר-לי) אויף א פערפענדיקולארען אופן; אראבהענגענדיג גלייך און גראד.

Perpendic'ular style (פויר-פען-דיק'-יו-לאר סטאיל) אין ארכיטעקטור — דער פערפענדיקולארער סטיל [א געוויסע פארם פון גאטישען סטיל, וועלכער האט געהערשט אין ענגלאנד אין 15טען און אנהויב 16טען יאהרהונדערט]. ז. ***Gothic style***



Perpendicular Style

per'pend-stone *n.* (פויר'-פענד-סטאון) ז. *perpender*

per'pent-stone *n.* (פויר'-פענט-סטאון) ז. *perpender*

per'petrable *a.* (פויר'-פי-טרעבל) וואס קען בעגאנגען ווערען, וואס קען געטהאן ווערען [ווי א פערברעכען].

per'petrate *v.* (פויר'-פי-טרייט) בעגעהן, טהאן [א פערברעכען].

perpetra'tion *n.* (פויר-פי-טריי'-שאן) דאס בעגעהן, דאס טהאן [א פערברע= כען].

per'petrator *n.* (פויר-פי-טריי-טאר) איינער וואס בעגעהט אדער טהוט [א פערברעכען].

perpet'uable *a.* (פויר-פעטש'-יו-עבל) וואס קען דויערען אונענדליך.

perpet'ual *a.* (פויר-פעטש'-יו-על) וואס דויערט אייביג; אונאויפהערליך; בע= שטענדיג.

perpet'ual cu'rate (פויר-פעטש'-יו-על קיו'-רעט) אמאל אין דער ענגלישער קירך — א גלח פון נידריגען ראנג אין א קירך, וואו עס איז ניט געווען קיין רעקטאר אדער וויקאר.

perpet'ually *adv.* (פויר-פעטש'-יו-על-אי) אויף אן אייביגען, אונאויפהערלי= כען שטייגער.

perpet'ual mo'tion (פויר-פעטש'-יו-על מאו'-שאן) אן אונאויפהערליכע בע= וועגונג; אן אייביגע בעוועגונג פון זיך אליין.

perpet'ual screw (פויר-פעטש'-יו-על סקרוה) אן אונענדליכע שרויף.
ז. *endless screw*

perpet'ualty *n.* (פויר-פעטש'-יו-על-טי) דאס זיין אייביג, אונאויפהערליכקייט.

perpet'uance *n.* (פויר-פעטש'-יו-ענס) די פעראייביגונג; דאס מאכען עס זאל אייביג דויערען.

perpet'uate *v. and a.* (פויר-פעטש'-יו-אייט) פעראייביגען; מאכען עס זאל דויערען אונאויפהערליך; פעראייביגט; וואס איז געמאכט עס זאל אייביג דויע= רען.

perpetua'tion *n.* (פויר-פעטש-יו-איי'-שאן) די פעראייביגונג; די פארזעצונג; דאס מאכען עס זאל אייביג דויערען.

perpetua'tion of tes'timony (פויר פעטש-יו-איי'-שאן אוו טעס'-טי-מא-ני) אין יוריספרודענץ — דאס אויפנעהמען א צייגניס פון אן עדות, כאטש עס קומט איצט ניט פאר קיין געריכטס=פראצעס, נאר טאמער וועט מען עס דארפען שפע= טער און ער וועט זיין אבוועזענד.

perpet'uator *n.* (פויר-פעטש'-יו-איי-טאר) איינער וואס פעראייביגט אדער מאכט עפעס עס זאל שטענדיג דויערען.

perpetu'ity *n.* (פויר-פי-טיו'-אי-טי) די אייביגקייט; דער בעשטענדיגער דוי= ער; עפעס וואס דויערט אייביג; אין פראצענטען=רעכנונג — די סומע פון יאה= רען, אין וועלכער דער פראצענט אויף א געוויסען קאפיטאל וואקסט אויס ווי די גרויס פון קאפיטאל אליין.

perplex' *v.* (פויר-פלעקס') פערפלאנטע= רען; צוטומלען; ברייננען אין פערלעגענ= הייט; צומישען.

perplex'edly *adv.* (פויר-פלעק'-סעד-לי) פערוויקעלט; פערפלאנטערט, צומישט, צוטומעלט; פערווירט.

perplex'edness *n.* (פויר-פלעק'-סעד-נעס) די פערלעגענהייט; צוטומלונג, צו= מישטקייט; פערווירונג.

perplex'ing *a.* (פויר-פלעק'-סינג) פער= וויקלענד; צוטומלענד, בעשטירצענד, פערווירענד.

perplex'ingly *adv.* (פויר-פלעק'-סינג-לי) אויף א פערווירטען אדער צומישטען אופן.

perplex'ity *n.* (פויר-פלעק'-סי-טי)
ז. *perplexedness*

perpota'tion *n.* (פויר-פא-טיי'-שאן) דאס טרינקען פיעל, דאס שכור'ען; א הוי= ליאנקע.

per'quisite *n.* (פויר'-קהווי-זיט) זייטי= גע הכנסות, נעבען=איינקינפטע; אין יו= ריספרודענץ — דאס ערווארבענע, דאס וואס איינער ערווארבט דורך זיין איינע= נער ארבייט אדער פאר זיין אייגען געלד [אין אונטערשייד צו דעם פערמעגען וואס איינער בעקומט בירושה].

perquisi'tion *n.* (פויר-קהווי-זיש'-אן) די אונטערזוכונג, די נאכפארשונג.

perquis'itor *n.* (פויר-קהוויז'-אי-טאר) אין יוריספרודענץ — דער ערשטער קוי= פער, דער ערשטער אין א רייה פון דורות, וועלכער האט געקויפט א גוט וואס געהט איצט איבער בירושה פון דור צו דור; אן אונטערזוכער, א נאכפארשער.

per'rier *n.* (פער'-אי-ער) א מאשין, וועלכע מען פלעגט געברויכען אין מיטעל= אלטער צו ווארפען גרויסע שטיינער.

per'ron *n.* (פער'-אן) אין ארכיטעק= טור — א פּעראָן [ברייטע טרעפ מיט א לאנגען גאניק אדער פלאטפארמע, וואס פיהרט צום ארייננאנג אין א געביידע].

per'roquet *n.* (פער'-א-קעט)
ז. *parrakeet*

perro'tatory *a.* (פויר-ראו'-טע-טא-רי) וואס געהט דורך א רייה אדער סעריע פון דעם ערשטען מיטגליעדער ביז'ן לעצטען און דערנאך צוריק פון דעם לעצטען ביז'ן ער= שטען.

perruquier' *n.* (פער-רו-קי-איי') א פארוקען=מאכער.

per'ry *n.* (פער'-אי) [א גע= בארן=וויין] טראנק געמאכט פון בארנעס].

per sal'tum (פויר סעל'-טאם) שפרונג= ווייז, שפרינגענדיג; איבערשפרינגענדיג, מיט א שפרונג.

perscruta'tion *n.* (פויר-סקרו-טיי'-שאן) די דורכפארשונג; דאס אויספאר= שען א זאך מיט אלע פרטים.

perse *a. and n.* (פוירס) פון טיעפען טונקעל=בלויען קאליר; פון א טונקעל= גרויען אדער בלויליך=גרויען קאליר; א בלויער קאליר; א טונקעל=בלויער קאליר; אזא בלויליך=גרויער געוואנד; ציץ מיט מוסטערען [אוזארען].

per se (פויר סי) אן און פיר זיך.

per'secute *v.* (פויר'-סי-קיוט) פערפאל= גען; קוועלען, פלאגען, פייניגען; אונ= טערדריקען; בעלעסטיגען, דאקוטשען.

persecu'tion *n.* (פויר-סי-קיו'-שאן) די פערפאלגונג, דאס פייניגען; אן אכזריות'דיגע אונטערדריקונג; דאס דא= קוטשען, דאס ניט לאזען צו=רוהה; א גזירה, א צייט פון א שטארקער רעליגיעזער פער= פאלגונג.

persecu'tional *a.* (פויר-סי-קיו'-שאנ-על) וואס איז שייך צו פערפאלגונג אדער אונטערדריקונג; וואס איז שייך צו איי= נעמס קרענקליכער איינבילדונג, אז מען פערפאלגט איהם.

per'secutive *a.* (פויר'-סי-קיו-טיוו) פערפאלגענד, פייניגענד.

per'secutor *n.* (פויר'-סי-קיו-טאר) א פערפאלגער.

per'secutory *a.* (פויר'-סי-קיו-טא-רי)
ז. *persecutional*

per'secutrix *n.* (פויר'-סי-קיו-טריקס) א פערפאלגעריז; איינע וועלכע פייניגט אדער קוועלט.

Persepol'itan *a. and n.* (פויר-סע-פאל'-אי-טען) וואס איז שייך צו פער= סעפאליס [די הויפט=שטאדט פון אלט= פערסיען, וועלכע אלכסנדר מוקדון האט איינגענומענע און פערניכטעט]; אן איינ= וואהנער פון פערסעפאליס.

Per'seus *n.* (פויר'-סיוס) אין דער אלט= גריכישער מיטאלא= גיע — פערסעאוס, צעאוס'עס זוהן, וועל= כער האט געטויטעט די שרעקליכע מעדו= זע [א פרויענצימער, וואס האט געהאט אויף'ן קאפ שלאנגען אנשטאט האר און אלץ אויף וואס זי פלעגט א קוק טהאן, פלעגט פערשטיינערט ווערען]; אין דער אלטער אסטראנא= מיע — א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען.

Perseus

persever'ance *n.* (פויר-סי-וויר'-ענס) אויסדויער, אויסוואורטונג; איינגעשפארט= קייט אדער עקשנות אין אויסהאלטען אדער דורכפיהרען א געוויסע זאך.

persevere' *v.* (פויר-סי-וויר') אנהאל= טען; האבען אויסדויער; זיין איינגע= שפארט אדער פער'עקשן'ט אין דערגריי= כען א זאך, ניט קוקענדיג אויף קיינע שטע= רונגען.

persever'ing *a.* (פויר-סי-וויר'-אינג) אנהאלטענד, מיט אויסדויער; זייענדיג איינגעשפארט אדער פער'עקשן'ט אין דער= גרייכען א זאך.

persever'ingly *adv.* (פויר-סי-וויר'-אינג-לי) אויף אן אנהאלטענדען שטייגער; מיט אויסדויער; מיט איינגעשפארטקייט אדער עקשנות.

Per'sian *a. and n.* (פויר'-שען) וואס איז שייך צו פערזיען; פערזיש; א פער= זיאנער; די פערזישע שפראך; א מין דינע זיידען=צייג; אין ארכיטעקטור — א מענליכע פיגור אין דעם אלט=פערזישען סטיל, וואס שפארט אונטער א באלקאן אנ= שטאט א זייל.

persia'na *n.* (פויר-סי-איי'-נא) א מין זיידען=שטאף מיט גרויסע קווייטען אדער בלומען.

Per'sic *a. and n.* (פויר'-סיק)
ז. *Persian*

per'sicot *n.* (פויר'-סי-קאט) דער פער= סיקא [א נאליווקע אדער איינגעגאסענער שנאפס אויף פערסיקעס, אפריקאזען א. ד. ג.].

per'siflage *n.* (פער'-סי-פלאזש) שפאט, שפאס; דאס רעדען איראניש וועגען עפעס; א לייכטער געשפרעך אדער פלוידעריי.

persifleur' *n.* (פער-סי-פלויר') אן אב= שפאטער, אן אבלאכער; איינער וואס רעדט מיט אן איראנישען טאן; איינער וואס פיהרט א לייכטען געשפרעך אדער פלוידערט.

persim'mon *n.* (פויר-סים'-אן) א מין צפון=אמעריקאנישער בוים פון א הארטען שווארצליכען האלץ, מיט לאנגליכע בלע= טער און קליינע ווייסע בלימלעך, וואס זעהען אויס ווי גלעקלעך; די פלוימען= עהנליכע פרוכט פון דיעזען בוים.

per'sio *n.* (פויר'-סי-או) ז. *cudbear*

persist' *v.* (פויר-סיסט') הארטנעקיג בע= שטעהן אויף עפעס.

Children who persist in disobeying their teachers deserve severe punishment.

persis'tence *n.* (פויר-סיס'-טענס) דאס בעשטעהן, דאס פעסטע בעשטעהן אויף עפעס; דאס אנהאלטען פון א געוויסען

עפעקט נאכדעם ווי זיין אורזאכע איז שוין ניטא [ווי דער עפעקט פון שיין וואס בלייבט אין אויג נאכדעם ווי דער שיינענדער געגענשטאנד איז פערשוואונדען].

persis'tency *n.* (פויר-סיס'-טענ-סי) ז. *persistence*.

persis'tent *a.* (פויר-סיס'-טענט) פעסט בעשטעהענד; וואס בעשטעהט אויף עפעס מיט הארטנעקיגקייט; אויסדויערענד.
There is a **persistent** demand for legislation against the trusts.

persis'tently *adv.* (פויר-סיס'-טענט-לי) בעשטעהענדיג אדער אנהאלטענדיג מיט עקשנות.

persis'tingly *adv.* (פויר-סיס'-טינג-לי) אויף אן אנהאלטענדען, אויסדויערענדען שטייגער.

per'son *n.* (פויר'-סאן) א פערזאן, א מענש; אין גראמאטוק — די פערזאן [די פארם פון א צייטווארט, וועלכע בעצייכענט די פערזאן פון וועמען עס קומט די האנדלונג אדער טהעטיגקייט: פון דער פערזאן, וועלכע רעדט, אדער פון דער פערזאן, צו וועלכער מען רעדט, אדער פון דער פערזאן וועגען וועלכער מען רעדט]; מענשליכער קערפערליכער אויסזעהן אדער פארם.

per'sonable *a.* (פויר'-סאנ-עבל) אנזעהנליך, מיט א שעהנעם אויסזעהן; אין יוריספרודענץ — רעכטספעהיג.

per'sonableness *n.* (פויר'-סאנ-עבל-נעס) דאס האבען א שעהנעם אויסזעהן; דאס זיין אנזעהנליך; דאס זיין אן אסאבע.

per'sonage *n.* (פויר'-סאנ-איידזש) א פערזאן, א פערזענליכקייט, א הויכע פערזאן; אן אסאבע; א פארגעשטעלטע פערזאן [אין טעאטער־שפיעל], א כאראקטער, א ראלע.

perso'na gra'ta (פויר-סאו'-נא גריי'-טא) אן אנגענעהמע פערזענליכקייט; א פערזאן, וועלכע מען נעהמט אויף מיט צופריעדענהייט.
An ambassador must be **persona grata** to the sovereign to whom he is accredited.

per'sonal *a. and n.* (פויר'-סאנ-על) פערזענליך; וואס איז שייך צו א פערזאן אדער איינצעלנעם מענשען; אינדיווידועל, פריוואט; וואס איז שייך צו זיך אליין, צו דער אייגענער ערפאהרונג; זעלבסט; קערפערליך; אין גראמאטיק — וואס דריקט אויס די פערזאן [די ערשטע, צווייטע אדער דריטע]; אין יוריספרודענץ — א חפץ, א זאך וואס מען קען איבערטראגען פון איין ארט צו א צווייטען; א קורצע בעמערקונג אדער ארטיקעל אין א צייטונג וועגען א פערזאן אדער פערזאנען.

per'sonal ac'tion (פויר'-סאנ-על עק'-שאן) די פערזענליכע קלאגע [א קלאגע, וועלכע קען אנגעגעבען ווערען אין געריכט נור פון דער פערזאן וועלכע האט געליטען]; א קלאגע וועגען געלד און בעוועגליכען אייגענטום.

per'sonal as'sets (פויר'-סאנ-על עס'-עטס) געלד און בעוועגליכעס אייגענטום וואס בלייבט פון א געשטארבענעם אדער באנקראטירטען צו דעקען זיינע חובות.

personalisa'tion *n.* (פויר-סאנ-על-אי-זיי'-שאן) ז. *personalization*.

per'sonalise *v.* (פויר'-סאנ-על-איז) ז. *personalize*.

per'sonalism *n.* (פויר'-סאנ-על-איזם) דאס זיין פערזענליך.

per'sonalist *n.* (פויר'-סאנ-על-איסט) אין א צייטונג — איינער וועלכער שרייבט אדער רעדאגירט פערזענליכע בעמערקונגען, אנעקדאטען א. ד. ג.

personal'ity *n.* (פויר-סאנ-על'-אי-טי) די פערזענליכקייט, די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון א פערזאן; די שייכות פון עפעס נור צו א בעשרענקטער צאהל פון פערזאנען אדער קלאסען; דאס אנגרייפען אימעצען; א שטאך־ווארט.

personal'ity of laws (פויר-סאנ-על'-אי-טי אוו לאהז) די אלע געזעצען וואס זיינען שייך דירעקט צו פערזאנען און ניט צו זאכען.

personaliza'tion *n.* (פויר-סאנ-על-אי-זיי'-שאן) דאס פערזאנאליזירען אדער פערזאניפיצירען, דאס צוגעבען פערזענליכע אדער קערפערליכע אייגענשאפטען צו א זאך וואס איז אונקערפערליך.

per'sonalize *v.* (פויר'-סאנ-על-איז) פערזאניפיצירען, מאכען פערזענליך, צוגעבען פערזענליכע אדער קערפערליכע אייגענשאפטען צו אן אונקערפערליכער זאך.

per'sonal-lib'erty laws (פויר'-סאנ-על-ליב'-ער-טי לאהז) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען אין די צייטען פון שקלאפעריי — די געזעצען, וואס זיינען דורכגעפיהרט געווארען פון איינינע נארד־שטאאטען ניט אויסצוליפערען דירעקט אן אנטלאפענעם נעגער־שקלאף, נאר געבען איהם א מעגליכקייט גע'משפט צו ווערען דורך געריכטס־געשווארענע.

per'sonally *adv.* (פויר'-סאנ-על-אי) פערזענליך, זעלבסט, בכבודו ובעצמו; בנוגע צו א פערזאן.

per'sonal pro'noun (פויר'-סאנ-על פראו'-נאון) אין גראמאטיק — דאס פערזענליכע פירווארט [ווי די ווערטער "איך", "דו", "מיר" א. ד. ג.].

per'sonal prop'erty (פויר'-סאנ-על פראפ'-ער-טי) בעוועגליכעס אדער פערזענליכעס אייגענטום [מטלטלין].

per'sonal rights (פויר'-סאנ-על ראיטס) די פערזענליכע רעכטע [ווי דאס רעכט צו לעבען, דאס רעכט אויף פרייהייט א. ד. ג.].

per'sonals *n.* (פויר'-סאנ-עלז) חפצים, מטלטלין; צייטונגס־נאטיצען וועגען פערזאנען.

per'sonal secu'rity (פויר'-סאנ-על סי-קיו'-רי-טי) זיכערהייט אדער ערבות וואס ווערט געגעבען אויף איינעמס אחריות און ניט אויף א משכון.

per'sonal ser'vice (פויר'-סאנ-על סויר'-וויס) דאס איבערגעבען געריכטליכע דאקומענטען פערזענליך און ניט דורך א שליח אדער פאסט; דאס ארויפלעגען א פליכט אדער שטייער אויף א גוט לטובת אן אנדערען.

per'sonal tithe (פויר'-סאנ-על טאיטה) מעשר אדער דאס צעהנטל פאר דער קירך פון פראפיט אדער פערדיענסט און ניט פון די תבואות פון דער ערד.

per'sonalty *n.* (פויר'-סאנ-על-טי) מטלטלין; פערזענליכע גיטער.

perso'na non gra'ta (פויר-סאו'-נא נאן גריי'-טא) ניט קיין אנגענעהמע פערזאן; א פערזאן, וועלכע מען וויל ניט אויפנעהמען.

per'sonate *v. and a.* (פויר'-סאנ-אייט) זיך פערשטעלען; נאכאהמען, זיך אויסגעבען פאר; פארשטעלען איינעמס פערזאן; שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע]; אין באטאניק און זאאלאגיע — פערמאסקירט, פערדעקט, עהנליך צו א מאסקע.

per'sonated *a.* (פויר'-סאנ-איי-טעד) פערשטעלט, פערמאסקירט; וואס ווייזט זיך ארויס אין אן אנדער געשטאלט.

persona'tion *n.* (פויר-סא-ניי'-שאן) דאס פערשטעלען זיך; דאס ארויסגעבען זיך פאר אן אנדער פערזאן.

per'sonator *n.* (פויר'-סאנ-איי-טאר) איינער וואס פערשטעלט זיך; איינער וואס גיט זיך ארויס פאר אן אנדער פערזאן.

personifica'tion *n.* (פויר-סאנ-אי-פי-קיי'-שאן) פערזאניפיקאציאן, די פערפערזענליכונג [דאס פארשטעלען אבסטראקטע אידעען אין דער געשטאלט פון פערזאנען]; די פערקערפערונג.

person'ificative *a.* (פויר-סאנ'-אי-פי-קיי-טיוו) פערזאניפיצירענד, וואס האט א נייגונג צו פערזאניפיצירען אדער פארשטעלען אבסטראקטע אידעען אין דער געשטאלט פון פערזאנען.

person'ificator *n.* (פויר-סאנ'-אי-פי-קיי-טאר) ז. *personifier*.

person'ifier *n.* (פויר-סאנ'-אי-פאי-ער) א פערזאניפיצירער, איינער וואס שטעלט פאר אבסטראקטע בעגריפען אלס לעבעדיגע פערזאנען.

person'ify *v.* (פויר-סאנ'-אי-פאי) פערזאניפיצירען, פערפערזענליכען, פארשטעלען אבסטראקטע געדאנקען אין דער פארם פון פערזאנען.

personnel' *n.* (פער-סא-נעל') דער פערזאנאל, די צוגעהעריגע פערזאנען, אלע פערזאנען וואס זיינען בעשעפטיגט ביי א געוויסער זאך.
The high character of the **personnel** of this office is acknowledged.

per'sons of col'or (פויר'-סאנז אוו קאל'-אר) מענשען פון דער נעגרישער ראסע.

per'sons of sub'stance (פויר'-סאנז אוו סאב'-סטענס) וואהלהאבענדע לייטע, לייטע מיט פערמעגען.

perspec'tive *a. and n.* (פויר-ספעק'-טיוו) אפטיש, פערספעקטיוו, וואס איז שייך צום זעהן ריכטיג, וואס איז שייך צום זעהן פון ווייטען אדער אין דער פערספעקטיווע; וואס איז שייך צו דער קונסט פון צייכנען זאכען אין דער פערספעקטיווע; נעצייכענט אין פערספעקטיווע; פראפארציאנעל, ריכטיג, פינקטליך; א פערספעקטיווע [א צייכנונג פון א קערפער פון דריי דימענזיאנען — ברייט, לענג און הויך — אזוי אז ער זאל ערשיינען פאר'ן אויג ווי אין דער ווירקליכקייט]; די קונסט צו צייכנען פערספעקטיווען; אן אנזיכטס־פונקט; דאס אויסזעהן פון ווייטענס; א בלענד־בילד [א צייכנונג וואס נארט אב דאס אויג אזוי אז עס דוכט זיך אויס, אז זאכען ציהען זיך אין דער ווייטקייט, ווי למשל, אויף טעאטער־דעקאראציאנען]; ריכטיגקייט, פראפארציאנאליטעט; פראספעקט, אויסזיכט, ערווארטונג.

perspec'tive draw'ing (פויר-ספעק'-טיוו דראה'-אינג) א פערספעקטיוו־צייכנונג [א צייכנונג פון א קערפער וואס האט דריי דימענזיאנען — הויך, לענג און ברייט — אזוי, אז ער זאל ערשיינען פאר דעם אויג פונקט ווי מען וואלט איהם געזעהן אין דער ווירקליכקייט].

perspec'tive-in'strument *n.* (פויר-ספעק'-טיוו-אינ'-סטרו-מענט) א פערספעקטאגראף. ז. *perspectograph*.

perspec'tiveless *a.* (פויר-ספעק'-טיוו-לעס) אהן אויסזיכטען, אהן ערווארטונגען.

perspec'tively *adv.* (פויר-ספעק'-טיוו-לי) לויט די כללים פון פערספעקטיווע. ז. *perspective*

perspec'tive plan (פויר-ספעק'-טיוו פלען) א פערספעקטיוו-פלאן. ז. *perspective*

perspec'tive plane (פויר-ספעק'-טיוו פליין) די פלעכע אויף וועלכער א פערספעקטיווע ווערט געצייכענט. ז. *perspective*

perspec'tograph *n.* (פויר-ספעק'-טא-גרעף) אן אינסטרומענט פאר פערספעקטיוו-צייכנונגען. ז. *perspective*

perspectog'raphy *n.* (פויר-ספעק-טאג'-רע-פי) די טעאריע פון פערספעקטיווע; די קונסט צו מאכען פערספעקטיוו-צייכנונגען. ז. *perspective*

per'spicable *a.* (פויר-ספי-קעבל) מערקבאר, וואס מען קען זעהן אדער בעמערקען.

perspica'cious *a.* (פויר-ספי-קיי'-שאס) שארפזיכטיג; שארף, שארפזיניג.

perspica'ciously *adv.* (פויר-ספי-קיי'-שאס-לי) מיט שארפזיכטיגקייט; מיט שארפקייט, מיט שארפזין.

perspica'ciousness *n.* (פויר-ספי-קיי'-שאס-נעס) שארפזיכטיגקייט; שארפקייט, שארפזיניגקייט.

perspicac'ity *n.* (פויר-ספי-קעס'-אי-טי) ז. *perspicaciousness*

perspicu'ity *n.* (פויר-ספי-קיו'-אי-טי) דייטליכקייט, קלארקייט, פערשטענדליכקייט.

perspic'uous *a.* (פויר-ספיק'-יו-אס) דייטליך, קלאר, פערשטענדליך.

perspic'uously *adv.* (פויר-ספיק'-יו-אס-לי) אויף א דייטליכען, קלארען, פערשטענדליכען אופן.

perspic'uousness *n.* (פויר-ספיק'-יו-אס-נעס) ז. *perspicuity*

perspirabil'ity *n.* (פויר-ספאיר-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען ארויסגעשוויצט ווערען אדער ארויסקומען אלס שווייס.

perspir'able *a.* (פויר-ספאיר'-עבל) וואס קען ארויסקומען אלס שווייס.

perspira'tion *n.* (פויר-ספי-ריי'-שאן) שוויצונג; שווייס.

perspir'ative *a.* (פויר-ספאיר'-ע-טיוו) וואס ברייננט ארויס שווייס.

perspir'atory *a.* (פויר-ספאיר'-ע-טא-רי) וואס איז שייך צום שוויצען; וואס קומט פון שוויצען; שווייס-טרייבענד, וואס פעראורזאכט שוויצונג.

perspir'atory duct (פויר-ספאיר'-ע-רי דאקט) דער שווייס-קאנאל, די אויסהוילונג פון א שווייס-דריזע.

perspire' *v.* (פויר-ספאיר') שוויצען; ארויסקומען אלס שווייס.

persua'dable *a.* (פער-סהוויי'-דעבל) וואס מען קען איבעררעדען, צורעדען אדער אין עפעס איבערצייגען.

persua'dableness *n.* (פער-סהוויי'-דעבל-נעס) דאס קענען איבערגערעדט ווערען אדער אין עפעס איבערצייגט ווערען.

persua'dably *adv.* (פער-סהוויי'-דע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען איבעררעדען, צורעדען אדער אין עפעס איבערצייגען.

persuade' *v.* (פער-סהווייד') צורעדען; איבעררעדען: איבערצייגען אין עפעס.

persua'dedness *n.* (פער-סהוויי'-דעד-נעס) איבערצייגטקייט; איבערצייגונג.

persua'der *n.* (פער-סהוויי'-דער) אן איבעררעדער, איינער וואס רעדט צו אדער איבערצייגט אין עפעס.

persuasibil'ity *n.* (פער-סהוויי-סי-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט אדער מעגליכקייט איבערגערעדט צו ווערען אדער אין עפעס איבערצייגט צו ווערען.

persua'sible *a.* (פער-סהוויי'-סיבל) וואס קען איבערגערעדט ווערען; וואס מען קען צורעדען אדער איבערצייגען אין עפעס.

persua'sibleness *n.* (פער-סהוויי'-סיבל-נעס) ז. *persuasibility*

persua'sion *n.* (פער-סהוויי'-זשאן) 1. איבעררעדונג; צורעדונג; איבערצייגונג; איבערצייגטקייט; אן אנטריב, א רייץ-מיטעל, א מיטעל צו בעוועגען צו א טהאט, אן אורזאכע; 2. דער גלויבען, אמונה; א סעקטע; 3. א מין, א סארט.
2. My acquaintances are all of the Jewish persuasion.

persua'sive *a. and n.* (פער-סהוויי'-סיוו) איבעררעדענד; צורעדענד; איבערצייגענד; עטוואס וואס רעדט איבער, רעגט אן צו עפעס; עטוואס וואס איבערצייגט.
He is a very **persuasive** speaker.

persua'sively *adv.* (פער-סהוויי'-סיוו-לי) אויף אן איבערצייגענדען אופן; איבעררעדענדיג; דורך צורעדען.

persua'siveness *n.* (פער-סהוויי'-סיוו-נעס) איבערצייגונגס-קראפט, איבעררעדונגס-קראפט.

pert *a. and n.* (פוירט) מונטער, לעבעדיג, פלינק; דרייסט; פרעך, עזות'דיג; א מונטערער אדער פרעכער מענש.

pertain' *v.* (פויר-טיין') געהערען; בעטרעפען, האבען א שייכות צו עפעס, זיך בעציהען אויף עפעס.

pertina'cious *a.* (פויר-טי-ניי'-שאס) הארטנעקיג, איינגעשפארט, פער'עקשנ'ט.

pertina'ciously *adv.* (פויר-טי-ניי'-שאס-לי) מיט הארטנעקיגקייט, מיט איינגעשפארטקייט, מיט עקשנות.

pertina'ciousness *n.* (פויר-טי-ניי'-שאס-נעס) הארטנעקיגקייט, איינגעשפארטקייט, עקשנות.

pertinac'ity *n.* (פויר-טי-נעס'-אי-טי) ז. *pertinaciousness*

per'tinence *n.* (פויר'-טי-נענס) אנגעמאססענקייט, צוגעפאסטקייט; דאס זיין צום פונקט.

per'tinency *n.* (פויר'-טי-נען-סי) ז. *pertinence*

per'tinent *a.* (פויר'-טי-נענט) פאסענד, אנגעמאססטען, צוגעפאסט, וואס איז צום פונקט.

per'tinently *adv.* (פויר'-טי-נענט-לי) צוגעפאסט, צום פונקט.

per'tinentness *n.* (פויר'-טי-נענט-נעס) ז. *pertinence*

pert'ly *adv.* (פוירט'-לי) מיט מונטערקייט, מיט לעבעדיגקייט, מיט פלינקייט; דרייסט; מיט פרעכהייט, מיט העזה.

pert'ness *n.* (פוירט'-נעס) מונטערקייט, לעבעדיגקייט, פלינקייט; דרייסטקייט; פרעכהייט, עזות.

perturb' *v.* (פויר-טוירב') צומישען, צוטומלען, שטערען, אריינברייננגען אונארדנונג; בעאונרוהיגען.

perturbabil'ity *n.* (פויר-טויר-בע-ביל'-אי-טי) דאס קענען ווערען צוטומלט, צומישט, געשטערט, געבראכט אין אונארדנונג אדער בעאונרוהיגט.

pertur'bable *a.* (פויר-טויר'-בעבל) וואס קען צוטומלט ווערען, צומישט ווערען, געשטערט ווערען אדער בעאונרוהיגט ווערען.

pertur'bance *n.* (פויר-טויר'-בענס) צוטומלונג, צומישונג, בעאונרוהיגונג.

pertur'bant *a. and n.* (פויר-טויר'-בענט) צוטומלענד, צומישענד, שטערענד; בעאונרוהיגענד, אויפרעגענד; עטוואס וואס צוטומלט, צומישט, שטערט, ברייננט אריין אונארדנונג אדער בעאונרוהיגט.

pertur'bate *v.* (פויר-טויר'-בייט) ז. *perturb*

perturba'tion *n.* (פויר-טויר-ביי'-שאן) אונרוהיגקייט, בעאונרוהיגונג, אויפגערעגטקייט, אויפרעגונג; שטערונג; וואקלונג, ענדערונג; אונארדנונג; עטוואס וואס בעאונרוהיגט; אין אסטראנאמיע — אבווייכונג [פון א פלאנעט אדער קאמעט פון דעם בעשטימטען לויף-גאנג אדער פון דער בעשטימטער שנעלקייט].

perturba'tional *a.* (פויר-טויר-ביי'-שאן-על) וואס איז שייך צו בעאונרוהיגונג, שטערונג, אבווייכונג אדער אונארדנונג.

per'turbative *a.* (פויר'-טויר-ביי-טיוו) שטערענד, צוטומלענד, צומישענד; וואס ברייננט אריין אונארדנונג; בעאונרוהיגענד.

per'turbator *n.* (פויר'-טויר-ביי-טאר) א בעאונרוהיגער, א שטערער: איינער וואס צוטומלט, צומישט אדער ברייננט אריין אונארדנונג.

per'turbatrix *n.* (פויר'-טויר-ביי-טריקס) א שטערערין, א בעאונרוהיגערין; איינע וואס צוטומלט, צומישט אדער ברייננט אריין אונארדנונג.

perturbed' *a.* (פויר-טוירבד') אונרוהיג; צומישט, צוטומלט.

pertur'bedly *adv.* (פויר-טויר'-בעד-לי) מיט אונרוהיגקייט; אויף אן אונרוהיגען אופן.

pertur'ber *n.* (פויר-טויר'-בער) ז. *perturbator*

pertur'bing *n.* (פויר-טויר'-בינג) שטערונג; בעאונרוהיגונג; צוטומלונג, צומישונג.

pertuse' *a.* (פויר-טיוס') געלעכערט, מיט לעכעלעך.

pertused' *a.* (פויר-טיוסט') ז. *pertuse*

pertu'sion *n.* (פויר-טיו'-זשאן) דאס דורכלעכערען אדער דורכשטעכען; א לאך, א דורכלעכערונג.

pertus'sal *a.* (פויר-טאס'-על) וואס איז שייך אדער ·עהנליך צו קייך-הוסט [קאקליוש].

pertus'sis *n.* (פויר-טאס'-איס) קייך-הוסט [קאקליוש].

peruke' *n. and v.* (פע-רוהק') א פארוק; אנטהאן א פארוק.

per'ula *n.* (פער'-או-לא) ז. *perule*

per'ule *n.* (פער'-אול) א שופע, א ליסקע [אויף פלאנצען, ווי למשל, די שופען-עהנליכע בלעטלעך פון א קנאספע].

peruque'rian *a.* (פער-או-קיע'-רי-ען) וואס איז שייך צו פארוק-מאכעריי.

peru'sal *n.* (פי-רוה'-זעל) דאס דורכקוקען, דאס דורכפארשען; דאס דורכלעזען.
Only after a second **perusal** of the letter did I grasp its meaning.

peruse' *v.* (פי-רוהז') דורכקוקען, דורכפארשען: דורכלעזען.

peru'ser *n.* (פי-רוה'-זער) איינער וואס קוקט דורך, פארשט דורך אדער לעזט דורך.

Peru'vian *a. and n.* (פי-רוה'-ווי-ען) פערואניש, וואס איז שייך צו פערו [א לאנד אין זיד-אמעריקא]; א פערואנער, אן איינוואהנער פון פערו.

Peru'vian bark (פי-רוה'-ווי-ען בארק) די כיניז-קארע, די קארע פון דעם כיניז-בוים [כינע-בוים]. ז. *Cinchona*

Peru'vian bark tree (פּי-רוּה'-ווי-ען באַרק טריע) דער כיניו-קאָרע בוים. ז. *Cinchona*.

pervade' *v.* (פּויר-ווייד') דורכדרינגען; דורך און דורך דורכנעהמען, דורכגעהן; אנפילען; זיך פערשפּרייטען איבעראַל.

perva'sion *n.* (פּויר-וויי'-זשאָן) דורכ־דרינגונג, דאָס דורכנעהמען דורך און דורך; אנפילונג; דאָס זיין איבעראַל פערשפּרייט.

perva'sive *a.* (פּויר-וויי'-סיוו) דורכ־דרינגענד, דורכנעהמענד דורך און דורך; אנפילענד, איבעראַל פערשפּרייט.

perverse' *a.* (פּויר-וואירס') פערקעהרט, ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין; פערדאָרבען, שלעכט, זינדיג; פערדריסליך, בייז, קאַפּ־ריזנע.

perverse'ly *adv.* (פּויר-וואירס'-לי) פערקעהרט, ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין; מיט פערדאָרבענהייט, מיט שלעכטקייט; אויף א זינדיגען אופן; מיט פערדריסליכ־קייט, בייזקייט אדער קאַפּריזנעקייט.

perverse'ness *n.* (פּויר-וואירס'-נעס) דאָס זיין פערקעהרט ווי עס בעדאַרף זיין; פערדאָרבענקייט, זינדיגקייט, שלעכטקייט; פערדריסליכקייט, קאַפּריזנעקייט.

perver'sion *n.* (פּויר-וואיר'-שאָן) די פערדאָרבונג; דאָס מאַכען אומגעקעהרט ווי עס דאַרף זיין.

perver'sity *n.* (פּויר-וואיר'-סי-טי) ז. *perverseness*.

perver'sive *a.* (פּויר-וואיר'-סיוו) פער־דאָרבענד.

pervert' *v.* (פּויר-וואירט') פערדאָרבען, פערפיהרען; פערדאָרבען ווערען.

per'vert *n.* (פּויר-וואירט) איינער וואָס איז פערדאָרבען געוואָרען אדער איז אראָב פון דרך הישר.

perver'ted *a.* (פּויר-וואיר'-טעד) פער־דאָרבען; שלעכט, זינדיג, פאַלש.

perver'ter *n.* (פּויר-וואיר'-טער) א פער־דאָרבער, א פערפיהרער.

pervertibil'ity *n.* (פּויר-וואיר-טי-ביל'-אי-טי) דאָס קענען אראָבגעהן פון דרך הישר אדער פערדאָרבען ווערען.

perver'tible *a.* (פּויר-וואיר'-טיבל) וואָס קען אראָב פון דרך הישר, פערפיהרט אדער פערדאָרבען ווערען.

pervigil'ium *n.* (פּויר-ווי-דזשיל'-אי-אָם) דאָס וואַכען די גאַנצע נאַכט; א קראַנקהאַפטע שלאַפלאָזיגקייט.

per'vious *a.* (פּויר'-ווי-אָס) דורכדרינג־ליך, דורכגענגליך; אָפען, וואָס האָט אַן עפנונג אדער דורכגאַנג; צוגענגליך.

per'viousness *n.* (פּויר'-ווי-אָס-נעס) דורכדרינגליכקייט; צוגענגליכקייט; דאָס זיין אָפען, דאָס האָבען אַן עפנונג אדער דורכגאַנג.

pes *n.* (פּיעז) א פוס; א פוס-ענליכער קערפּער-טייל.

pesade' *n.* (פּע-זייד') דאָס אויפשטעלען זיך פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס, דאָס שטעלען זיך דיבאָם.

pesage' *n.* (פּע-זאַזש') אַן אבצאָהלונג פאַר אבוועגען סחורות.

pesan'te *a.* (פּע-זאַנ'-טע) אין מוזיק — שטאַרק בעטאָנט.

pese'ta *n.* (פּע-סיי'-טאַ) א פּעזעטע [אין שפּאַניען און פּערו — א זילבערנע מטבע פון אונגעפעהר צוואַנציג אמעריקא־נער סענט].

pesh'wa *n.* (פּעש'-הוואַ) דער הויפּט אדער דער הערשער ביי די מאַהראַטען [א שבט אין אינדיען].

pes'kily *adv.* (פּעס'-קי-לי) בעלעסטיגענ־דיג, דאָקוטשענדיג, פּלאַגענדיג, קוועלענ־דיג; זעהר; אונגעהויער [שלעכט].

pes'ky *a.* and *adv.* (פּעס'-קי) דאָקו־טשענד, בעלעסטיגענד, קוועלענד, פּלאַגענד; אונגעהויער.

pe'so *n.* (פּיי'-סאָו) א פּעזאָ, א שפּאַנישער דאָלאַר [אין שפּאַניען און איינינע זיד־אמעריקאַנישע לענדער].

pes'sary *n.* (פּעס'-ע-רי) א פּעסאַרי, א מוטער-קראַנץ אדער מוטער-רינג [אַזא עלאַסטישער רינג צו פערהאַלטען די גע־בעהר-מוטער ביי פרויען, ווען זי קען זיך אליין ניט האַלטען אויף'ן פּלאַץ].

pes'simism *n.* (פּעס'-אי-מיזם) פּעסי־מיזם [די לעהרע, אַז די וועלט איז דורכ־אויס שלעכט און דאָס לעבען בעשטעהט מייסטענס פון ליידען; די נייגונג צו זעהן אַלעס אין א שלעכטען שיין און ער־וואַרטען פון יעדער זאַך דאָס ערגסטע].

pes'simist *n.* and *a.* (פּעס'-אי-מיסט) א פּעסימיסט; פּעסימיסטיש. ז. *pessimism*.

pessimis'tic *a.* (פּעס-אי-מיס'-טיק) פּע־סימיסטיש. ז. *pessimism*.

pessimis'tical *a.* (פּעס-אי-מיס'-טי-קעל) פּעסימיסטיש. ז. *pessimism*.

pes'simize *v.* (פּעס'-אי-מאַיז) זיין א פּעסימיסט; זיין אַן אַנהענגער פון פּעסי־מיזם [די לעהרע, אַז די וועלט איז דורכ־אויס שלעכט און דאָס לעבען פערמאָגט מייסטענס ליידען].

pes'somancy *n.* (פּעס'-א-מענ-סי) דאָס טרעפען אדער נביאות-זאָגען דורך שטיינ־לעך.

pest *n.* (פּעסט) א פּעסט, א מגפה, א פּלאָג.

Pestaloz'zian *a.* (פּעס-טע-לאַט'-סי-ען) וואָס איז שייך צו פּעסטאַלאָצצי [א שווייי־צאַרישער פילאַנטראָפּ און פּעדאַגאָג, געב. 1746, געשט. 1827] אדער צו זיין מעטאָ־דע פון ערציהונג.

Pestaloz'zianism *n.* (פּעס-טע-לאַט'-סי-ען-איזם) פּעסטאַלאָצצי'ס סיסטעם און מעטאָדע פון ערציהונג.

pes'ter *v.* and *n.* (פּעס'-טער) בעאונ־רוהיגען, פּלאָגען; בעלעסטיגען; א לאַסט, א שוועריגקייט; דאָס וואָס פּלאָגט אדער בעאונרוהיגט.

pes'terer *n.* (פּעס'-טער-ער) א קוועלער, א בעאונרוהיגער.

pes'teringly *adv.* (פּעס'-טער-אינג-לי) פּלאָגענדיג; בעאונרוהיגענדיג.

pes'terment *n.* (פּעס'-טויר-מענט) א בעלעסטיגונג; א פּלאָג.

pest'ful *a.* (פּעסט'-פול) פּעסטהאַפט, אַנשטעקענד, שעדליך, פערדאָרבענד; וואָס פעראורזאַכט א מגפה.

pest'-house *n.* (פּעסט'-האַוס) א פּעסט־האָספּיטאַל; א האָספּיטאַל פאַר עפּידעמי־שע קראַנקהייטען.

pestif'erous *a.* (פּעס-טיפ'-ע-ראָס) פּעסטהאַפט, אַנשטעקענד, שעדליך; פּלאַ־גענד, דערעסענד, דאָקוטשענד.

pestif'erously *adv.* (פּעס-טיפ'-ע-ראָס-לי) אויף א פּעסטליכען אדער פּלאַגענדען שטייגער; פּלאַגענדיג, דערעסענדיג.

pes'tilence *n.* (פּעס'-טי-לענס) די פּעסט, די פּלאָג; אַן עפּידעמישע קראַנקהייט; דאָס וואָס רופט ארויס אַן עפּידעמישע קראַנקהייט; א שעדליכער, פערדאָרבענער מענש.

pes'tilent *a.* (פּעס'-טי-לענט) ווי פּעסט, אַנשטעקענד; שעדליך; פערדאָרבען; פּלאַ־גענד, דערעסענד, דאָקוטשענד.

pestilen'tial *a.* (פּעס-טי-לענ'-שעל) ז. *pestilent*.

pes'tilently *adv.* (פּעס'-טי-לענט-לי) אַזוי ווי א פּעסט, שעדליך, טויטליך.

pes'tle *n.* and *v.* (פּעסל) א שטאָמפּ פון א שטויסעל; שטויסען אין א שטויסעל; בענוצען א שטאָמפּ.

pet *n.*, *a.* and *v.* (פּעט) אַן ערגערניס; אויסברוך פון פערדרוס אדער אונצופרי־דענהייט; א הויז-לעמעלע, א געצערטעלט הויז-טהיער, א ליעבלינג; פערצערטעלט, געליעבט, געלאַשטשעט; פערצערטלען; לאַש־טשען; זיין ערגער־ליך, בייז אדער אנ־געכמורעט.

pet'al *n.* (פּעט'-על) דאָס בלומען-בלעטעל, איינע פון די בלעטע־לעך, וועלכע בילדען אויס דאָס בלומען־קריינדעל ביי א פּלאַנצע.

pet'aled *a.* (פּעט'-עלד) וואָס האָט בלו־מען-בלעטלעך.



Petals

pet'aliform *a.* (פּעט'-על-אי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון א בלומען-בלעטעל.

pet'aline *a.* (פּעט'-על-אין) וואָס איז שייך צו דעם בלומען-בלעטעל.

pet'alism *n.* (פּעט'-על-איזם) אין דער אַלט-גריכישער שטאָדט סיראַקוז — דאָס פערטרייבען א בירגער פון שטאָדט, אויב א גרויסע צאָהל בירגער געפינען איהם פאַר שעדליך, ווי דער אָסטראַקיזם אין אַטהען. ז. *ostracism*.

pet'al-like *a.* (פּעט'-על-לאַיק) וואָס איז ענליך צו א בלומען-בלאַט.

pet'aloid *a.* (פּעט'-ע-לאָיד) ז. *petal-like*.

pet'alon *n.* (פּעט'-ע-לאָן) דער ציץ־הזהב אדער דאָס גאָלדענע בלאַט וואָס דער אידישער כהן גדול פלעגט טראָגען אויף'ן שטערען.

pet'alous *a.* (פּעט'-ע-לאָס) אין באָטא־ניק — מיט בלומען-בלעטלעך.

petard' *n.* (פּי-טאַרד') א פּעטאַרדע [א מין באָמבע אָנגעפילט מיט שיס-פּולווער, וועלכע מען פלעגט בענוצען אויפצורייסען טהירען און ווענד פון א פעסטונג].

petardeer' *n.* (פּעט-אַר-דיער') א סאָל־דאַט, וועלכען מען פלעגט בענוצען ביים אונטערלעגען א פּעטאַרדע. ז. *petard*.

petardier' *n.* (פּעט-אַר-דיער') ז. *petardeer*.

pe'tary *n.* (פּי'-טע-רי) א טאָרף-זומפּ. ז. *peat-bog*.

pet'asus *n.* (פּעט'-ע-סאָס) א מערקור־הוט, אַזא פאַרצייטיגער גריכישער נידרי־גער פילץ-הוט מיט ברייטע ראַנדען [פלעגט געטראָגען ווערען אויף רייזען לכבוד מער־קור אדער הערמעס, דעם גאָט פון רייזענ־דע, שלוחים און סוחרים]; אין ארכיטעק־טור — א הוט-פערמיגער קופּאָל [א קופּאָל ענליך צו א מערקור-הוט].

petau'rist *n.* (פּע-טאָה'-ריסט) דער פּע־טאַורוס אדער פלוג-בייטעל [אַזא אויס־טראַליש חיה'לע פון דעם מין בייטעל-טהיע־רע אדער קענגורו, מיט א בייטעל, אין וועלכען זיי טראָגען זייערע קינדער].

pet'-cock *n.* (פּעט'-קאָק) אַזא קליינער קראַן וואָס ווערט געברויכט פאַר דאַמפּף־צילינדערס אבצולאָזען וואַסער אדער פאַר וואַסער-פּומפּען אבצופּראָבירען אויב זיי זיינען אין דער אָרדנונג און פונקציאָנירען.

petech'iæ *n.* (פּי-טעק'-אי-אי) רויטע

הויט-פלעקען, בלוט-פלעקען [אויף דער הויט].

petech'ial *a.* (פי-טעק'-אי-על) פלעקיג, מיט רויטע פלעקען, מיט בלוט-פלעקען [אויף דער הויט].

petech'ial fe'ver (פי-טעק'-אי-על פי'-ווער) פלעקען-פיבער, טיפוס; עפידעמישער רוקען-מעניגניטיס [ענטצינדונג פון דעם מארך-הייטעל].

petech'iate *a.* (פי-טעק'-אי-אייט) בעדעקט מיט רויטע הויט-פלעקען אדער מיט בלוט-פלעקען [ווי ביי טיפוס, למשל].

photogravure' *n.* and *v.* (פאו-טא-גרע-וויור׳) דאס גראווירען אויף מעטאל דורך דער הילף פון פאטאגראפיע; א פאטא-גראווירע, א פלאטע וואס איז גראווירט דורך פאטאגראפישע מיטעל; א בילד געדרוקט מיט אזא פלאטע; מאכען א פאטא-גראווירע. ז. *photo-engraving*.

photohe'liograph *n.* (פאו-טא-הי׳-לי-א-גרעף) א פאטאהעליאגראף, א פאטאגראפישער טעלעסקאפ צום נעהמען פאטאגראפיעס פון דער זון.

photolith'ograph *n.* and *v.* (פאו-טא-ליטה׳-א-גרעף) א פאטאליטאגראפיע, א בילד געדרוקט דורך פאטאליטאגראפיע; דרוקען דורך פאטאליטאגראפיע. ז. *photolithography*.

photolithograph'ic *a.* (פאו-טא-ליטה-א-גרעפ׳-איק) פאטאליטאגראפיש, וואס איז שייך אדער וואס איז פראדוצירט דורך פאטאליטאגראפיע. ז. *photolithography*.

photolithog'raphy *n.* (פאו-טא-לי-טהאג׳-רע-פי) פאטאליטאגראפיע, פאטאגראפישער שטיין-דרוק [דאס פראדוצירען אויף שטיין א דרוק-פלעכע דורך דער הילף פון פאטאגראפיע אום צו דרוקען ליטאגראפישע בילדער].

photolog'ic *a.* (פאו-טא-לאדזש׳-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע ווענען ליכט.

photolog'ical *a.* (פאו-טא-לאדזש׳-אי-קעל) ז. *photologic*.

photol'ogist *n.* (פא-טאל׳-א-דזשיסט) א פאטאלאג, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער וויסענשאפט ווענען ליכט.

photol'ogy *n.* (פא-טאל׳-א-דזשי) די ליכט-לעהרע, די וויסענשאפט ווענען ליכט.

photomag'netism *n.* (פאו-טא-מעג׳-נעט-איזם) פאטא-מאגנעטיזם, די שייכות פון מאגנעטיזם צו ליכט.

photomechan'ical *a.* (פאו-טא-מי-קענ׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער מעכאנישער פראדוקציאן פון בילדער דורך פאטאגראפיע [ווי פאטא-גראווירונג, פאטאליטאגראפיע א. ד. ג.].

photom'eter *n.* (פא-טאמ׳-ע-טער) א פאטאמעטער, א ליכט-מעסטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען די העלקייט פון ליכט, בעזונדערס צו פערגלייכען צוויי ליכט-קוועלען].

photomet'ric *a.* (פאו-טא-מעט׳-ריק) פאטאמעטריש, וואס איז שייך צו פאטאמעטריע [די מעסטונג פון דער העלקייט פון ליכט].

photomet'rical *a.* (פאו-טא-מעט׳-רי-קעל) ז. *photometric*.

photomet'rically *adv.* (פאו-טא-מעט׳-רי-קעל-אי) דורך א פאטאמעטער [ליכט-מעסטער]; אין בעצוג צו פאטאמעטריע [ליכט-מעסטונג].

photometri'cian *n.* (פאו-טא-מע-טריש׳-ען) א קענער אין פאטאמעטריע [ליכט-מעסטונג].

photom'etrist *n.* (פא-טאמ׳-ע-טריסט) ז. *photometrician*.

photom'etry *n.* (פא-טאמ׳-עט-רי) פאטאמעטריע [ליכט-מעסטונג].

photomi'crograph *n.* (פאו-טא-מאי׳-קרא-גרעף) א פערגרעסערט פאטאגראפיש בילד פון א גאנץ קליינער [מיקראסקאפישער] זאך.

photomicrog'rapher *n.* (פאו-טא-מאי-קראג׳-רע-פער) א פאטאמיקראגראף, איינער וואס פערגרעסערט פאטאגראפישע בילדער פון מיקראסקאפישע געגענשטענדע.

photomicrograph'ic *a.* (פאו-טא-מאי-קרא-גרעפ׳-איק) פאטאמיקראגראפיש, וואס איז געמאכט דורך פאטאמיקראגראפיע; וואס איז שייך צו פאטאמיקראגראפיע. ז. *photomicrography*.

photomicrog'raphy *n.* (פאו-טא-מאי-קראג׳-רע-פי) פאטאמיקראגראפיע, די קונסט צו פערגרעסערען פאטאגראפישע בילדער וועלכע זיינען גענומען פון מיקראסקאפישע געגענשטענדע.

photopho'bia *n.* (פאו-טא-פאו׳-בי-א) פאטאפאביע, א קראנקהאפטע מורא פאר ליכט.

photopho'bic *a.* (פאו-טא-פאו׳-ביק) וואס האט מורא פאר ליכט; וואס קען נים פערטראגען קיין ליכט.

pho'tophone *n.* (פאו׳-טא-פאון) דער פאטאפאן [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען ווערטער קענען איבערגעגעבען ווערען דורך ליכט-שטראהלען].

photophys'ical *a.* (פאו-טא-פיז׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער פיזיקאלישער ווירקונג פון ליכט.

pho'to-print *n.* (פאו׳-טאו-פרינט) ליכט-דרוק, דרוקעריי מיט דער הילף פון פאטאגראפישען פראצעס.

pho'to-proc'ess *n.* (פאו׳-טאו-פראס׳-עס) א פאטאגראפישער פראצעס דורך וועלכען עס ווערט געמאכט א גראווירע צום דרוקען.

photop'sia *n.* (פא-טאפ׳-סי-א) דאס פינקלען אין די אויגען [א קרענקליכער צושטאנד, ביי וועלכען עס דוכט זיך, אז עס פליהען פונקען פאר די אויגען].

pho'topsy *n.* (פאו׳-טאפ-סי) ז. *photopsia*.

pho'to-relief' *a.* and *n.* (פאו׳-טאו-רי-ליעף׳) וואס איז שייך צו א בולט׳ען בילד, אילוסטראציאן אדער דרוק-פלאטע וואס איז פראדוצירט געווארען דורך א פאטאגראפישען פראצעס; א בילד אדער דרוק-פלאטע וואס איז אויף אזא אופן פראדוצירט געווארען.

pho'tosphere *n.* (פאו׳-טא-ספיער) די ליכט-ספערע פון דער זון, דער ארומיגער ליכט-קרייז פון דער זון אדער פון א שטערן.

photospher'ic *a.* (פאו-טא-ספער׳-איק) וואס איז שייך צו דער ליכט-ספערע פון דער זון.

phototachom'eter *n.* (פאו-טא-טע-קאמ׳-ע-טער) א פאטאטאכאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די געשווינדקייט פון ליכט.

phototachom'etry *n.* (פאו-טא-טע-קאמ׳-עט-רי) די מעסטונג פון ליכט-געשווינדקייט.

phototeleg'raphy *n.* (פאו-טא-טי-לעג'-רע-פי) דאס עלעקטרישע דרוקען פון בילדער אדער שריפטען פון דער ווייטענס.

phototel'ephone *n.* (פאו-טא-טעל'-ע-פאון) ז. *photophone*

pho'totype *n. and a.* (פאו'-טא-טאיפ) א דרוק=פּלאטע אדער דרוק=שריפט וואס איז געמאכט געווארען דורך פאטא=גראווירונג; א בילד וואס איז געדרוקט פון אזא פּלאטע; וואס איז שייך צו דער קונסט צו מאכען אזעלכע פּלאטען אדער אזא שריפט; געמאכט מיט דער הילף פון דיזער קונסט.

phototypograph'ic *a.* (פאו-טא-טאי-פא-גרעפ'-איק) פאטא=טיפּאגראפיש, וואס איז שייך צום דרוקען מיט דרוק=פּלאטען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען דורך פאטא=גראווירונג.

phototypog'raphy *n.* (פאו-טא-טאי-פאג'-רע-פי) פאטא=טיפּאגראפיע, דאס דרוקען מיט פּלאטען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען דורך פאטא=גראווירונג.

pho'totypy *n.* (פאו'-טא-טאי-פי) דאס מאכען מעטאלענע דרוק=פּלאטען דורך פאטא=גראווירונג.

photovit'rotype *n.* (פאו-טא-וויט'-רא-טאיפ) א פאטאגראפיע אויף א גלאז=פּלאטע.

photovolta'ic *a.* (פאו-טא-וואל-טיי'-איק) וואס איז שייך צו אן עלעקטרישען שטראם וואס ווערט פראדוצירט דורך ליכט אדער וואס ענדערט זיין שטארקייט דורך דער ווירקונג פון ליכט.

photozincog'raphy *n.* (פאו-טא-זינ-קאג'-רע-פי) פאטא=גראווירונג אויף צינק.

photu'ria *n.* (פא-טיו'-רי-א) דאס לאזען לייכטענדע אדער פאספארישע השתנה [אורין].

phra'sal *a.* (פריי'-זעל) וואס בעשטעהט פון א פראזע, וואס בעשטעהט פון צוויי אדער דריי ווערטער.

phrase *n. and v.* (פרייז) א פראזע, אן אויסדרוק, א רעדענס=ארט; אין מוזיק — א טאן=זאץ, א טייל פון א מעלאדיע; אויסדריקען אין א פראזע; זיך אויסדריקען; אין מוזיק — צוטיילען אין טאן=זעצע.

phrase'-book *n.* (פרייז'-בוק) א פראזען=בוך [א בוך וואס ענטהאלט אידיאמאטישע אויסדריקע].

phrase'man *n.* (פרייז'-מען) ז. *phrasemonger*

phrase'monger *n.* (פרייז'-מאנ-גער) א פראזיאר, איינער וואס שיט מיט פראזען אדער מליצות.

phra'seogram *n.* (פריי'-זי-א-גרעם) א פערבינדונג פון סטענאגראפישע צייכענס, וועלכע שטעלט פאר א פראזע אדער א זאץ.

phra'seograph *n.* (פריי'-זי-א-גרעף) ז. *phraseogram*

phraseog'raphy *n.* (פריי-זי-אג'-רע-פי) די פערבינדונג פון צוויי אדער מעהרערע סטענאגראפישע צייכענס, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א פראזע אדער זאץ.

phraseolog'ic *a.* (פריי-זי-א-לאדזש'-איק) פראזעאלאגיש, וואס איז שייך צו פראזעאלאגיע. ז. *phraseology*

phraseolog'ical *a.* (פריי-זי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *phraseologic*

phraseolog'ically *adv.* (פריי-זי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פראזעאלאגיע [דער אויסדרוקס=סטיל].

phraseol'ogist *n.* (פריי-זי-אל'-א-דזשיסט) א פראזעאלאג, א בעל=מליצה.

phraseol'ogy *n.* (פריי-זי-אל'-א-דזשי) פראזעאלאגיע, די פארם פון דער ווארט=שטעלונג אין א זאץ, די ארט פון אויסדריקען זיך, דער אויסדרוקס=סטיל; א זאמלונג פון פראזען און אידיאמען.

phra'sing *n.* (פריי'-זינג) דער סטיל פון אן אויסדרוק אדער זאץ; צוטיילונג פון א מוזיקאלישער פערפאסונג אין בעזונדערע טאן=זעצע אדער פראזען.

phra'tria *n.* (פריי'-טרי-א) ז. *phratry*

phra'try *n.* (פריי'-טרי) א משפחה, א פאמיליען=גרופּע [אלס א טייל פון א שבט ביי די פרימיטיווע פעלקער און אין פארצייטיגען גריכענלאנד].

phren *n.* (פרען) די דענקונגס=קראפט, דער פערשטאנד; די דיאפראגמע אדער צווערך=פעל [די דיקע הויט צווישען דעם ברוסט=קאסטען און דעם בויך].

phrenal'gia *n.* (פרי-נעל'-דזשי-א) א שטארקע גייסטיגע צורודערטקייט אדער אונרוהיגקייט; מעלאנכאליע.

phrene'sis *n.* (פרי-ני'-סיס) משוגעת, וואהנזין.

phrenet'ic *a.* (פרי-נעט'-איק) משוגע.

phrenet'ical *a.* (פרי-נעט'-אי-קעל) ז. *phrenetic*

phreniat'ric *a.* (פרענ-אי-עט'-ריק) וואס איז שייך צו דער היילונג פון גייסטיגע קראנקהייטען.

phren'ic *a. and n.* (פרענ'-איק) וואס געהערט צו דער דיאפראגמע אדער צווערך=פעל [די דיקע הויט וואס איז צווישען דעם ברוסט=קאסטען און דעם בויך]; א גייסטיגע קראנקהייט אדער א מיטעל צו א גייסטיגער קראנקהייט.

phren'ism *n.* (פרענ'-איזם) די דענקונגס=קראפט.

phrenit'ic *a.* (פרי-ניט'-איק) וואס איז קראנק אויף מארך=ענטצינדונג; וואהנזיניג, משוגע.

phreni'tis *n.* (פרי-נאי'-טיס) געהירן=ענטצינדונג, מארך=ענטצינדונג; וואהנזין, משוגעת.

phrenol'oger *n.* (פרי-נאל'-א-דזשער) ז. *phrenologist*

phrenolog'ic *a.* (פרענ-א-לאדזש'-איק) פרענאלאגיש, וואס געהערט צו דער שייטעל=לעהרע. ז. *phrenology*

phrenolog'ical *a.* (פרענ-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *phrenologic*

phrenolog'ically *adv.* (פרענ-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) פרענאלאגיש, לויט די כללים פון פרענאלאגיע. ז. *phrenology*

phrenol'ogist *n.* (פרי-נאל'-א-דזשיסט) א פרענאלאג, א קענער פון דער שייטעל=לעהרע. ז. *phrenology*

phrenol'ogy *n.* (פרי-נאל'-א-דזשי) פרענאלאגיע, די שייטעל=לעהרע [די לעהרע אז דעם מענשען'ס גייסט איז צוזאמענגעשטעלט פון בעזונדערע פעהיגקייטען, ווי די פעהיגקייט פון דענקען, פון פריינדשאפט, פון האפנונג א. ז. וו., און יעדע פעהיגקייט האט איהר בעשטימטען פּלאץ אין מארך. לויט דיזער לעהרע, קען מען אלזא וויסען דעם מענשען'ס נאטור און זיינע פעהיגקייטען פון דעם געבוי פון שארבען]; די לעהרע אדער שטודיום וועגען שכל אדער אינטעלעקט.

phrenomag'netism *n.* (פרענ-א-מעג'-נעט-איזם) די פעהיגקייט אויפצורעגען די געהירן דורך דער קראפט פון טהיערישען מאגנעטיזם.

phrenomes'merism *n.* (פרענ-א-מעז'-מער-איזם) ז. *phrenomagnetism*

phrenopath'ia *n.* (פרענ-א-פעטה'-אי-א) גייסטעס=קראנקהייט, פסיכאפאטיע; וואהנזין, משוגעת.

phrenople'gia *n.* (פרענ-א-פלי'-דזשי-א) פּלעצליכער פערלוסט פון די גייסטיגע פעהיגקייטען אדער פון שכל.

phreno'sis *n.* (פרי-נאו'-סיס) ז. *psychosis*

phrone'sis *n.* (פרא-ני'-סיס) פּראקטישער שכל.

Phryg'ian *a. and n.* (פרידזש'-אי-ען) וואס איז שייך צו פריגיען [אן אלטע פּראווינץ אין קליין=אזיען]; א פריגיער, אן איינוואהנער פון פריגיען.

Phryg'ian stone (פרידזש'-אי-ען סטאון) דער פריגישער שטיין [א געוויסער זארט פימס=שטיין].

Phryg'ian work (פרידזש'-אי-ען הוואירק) גאלד=האפטונג.

phthiri'asis *n.* (טהי-ראי'-ע-סיס) לייזיגקייט, דאס האבען לייז אויף'ן קערפּער.

phthis'ic *a. and n.* (טיז'-איק) שווינדזיכטיג, וואס האט די אויסצעהרונג; א שווינדזיכטיגער; אויסצעהרונג.

phthis'ical *a.* (טיז'-אי-קעל) שווינדזיכטיג, וואס האט די אויסצעהרונג.

phthis'icky *a.* (טיז'-אי-קי) ז. *phthisical*

phthisiol'ogy *n.* (טיז-אי-אל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען שווינדזוכט אדער אויסצעהרונג.

phthi'sis *n.* (טהאי'-סיס) שווינדזוכט, אויסצעהרונג.

phycog'raphy *n.* (פאי-קאג'-רע-פי) א וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון ים=גראזען.

phycol'ogist *n.* (פאי-קאל'-א-דזשיסט) א קענער פון דער וויסענשאפט וועגען ים=גראזען.

phycol'ogy *n.* (פאי-קאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ים=גראזען.

phylac'ter *n.* (פי-לעק'-טער) ז. *phylactery*

phylac'tered *a.* (פי-לעק'-טערד) וואס טראגט תפלין; וואס טראגט קמיעות; היפּאקריטיש, ווי א פרומאק.

phylacter'ic *a.* (פיל-עק-טער'-איק) וואס איז שייך צו תפלין.

phylacter'ical *a.* (פיל-עק-טער'-אי-קעל) ז. *phylacteric*

phylac'tery *n.* (פי-לעק'-טע-רי) תפלין; א קמיע; ביי די פארצייטיגע קריסטען — א קעסטעל מיט רעליקוויען [אנדענקונגס=צייכענס פון הייליגע].

phy'læ *n.* (פאי'-ליע) פילען [שבטים, פעראייניגונגען פון עטליכע משפחות ביי די פארצייטיגע גריכען]. ז. *phyle*

phy'larch *n.* (פאי'-לארק) א פילארך, אן אנפיהרער פון א פילע [א שבט אדער פעראייניגונג פון עטליכע משפחות ביי די אלטע גריכען]; א קאמאנדיר פון קאוואלעריע [רייטס=סאלדאטען] פון א שבט אין אטהען [אלט=גריכענלאנד].

phy'larchy *n.* (פאי'-לאר-קי) דאס אמט אדער ווירדע פון א פילארך. ז. *phylarch*

phy'le *n.* (פאי'-לי) א שבט, א פעראייניגונג פון עטליכע משפחות ביי די אלטע גריכען, א פילע.

phyl'lis *n.* (פיל'-איס) א דארפס=מיידעל, א הירטין, א פאסטושקע [אלס א ליעבעס=נאמען אין אידיליען, פאעמען א. ד. ג.].

phyl'lium *n.* (פיל'-אי-אם) דער בלאט־
אי:זעקט [אזא אינזעקט וואס זיינע פלי־
געל־דעקלעך זיינען עהנליך צו פלאנצען־
בלעטער].



Phyllium (Leaf-insect)

phyl'lody *n.* (פיל'-א-די) אין באטא־
ניק — דאס פערוואנדלען זיך פון פער־
שיעדענע פלאנצען־טיילען אין בלעטער.

phyl'logen *n.* (פיל'-א-דזשען)
ז. *phyllophore*

phyllog'enous *a.* (פי-לאדזש'-ע-נאס)
וואס וואקסט אויף בלעטער.

phyl'loid *a.* (פיל'-איד) עהנליך צו א
בלאט, בלאט־פערמיג.

phylloi'deous *a.* (פי-לאי'-די-אס)
ז. *phylloid*

phyl'lome *n.* (פיל'-אום) דאס בלאט,
דאס בלאט אין אלע זיינע פארמען, בע־
בלעטערונג.

phylloph'agous *a.* (פי-לאפ'-ע-גאס)
בלעטער־פרעסענד, בלאט־עסענד.

phyl'lophore *n.* (פיל'-א-פאור) דער
אויבערשטער שפיץ פון א פאלמען־שטאם,
פון וועלכען עס וואקסען ארויס די בלע־
טער.

phylloph'orous *a.* (פי-לאפ'-א-ראס)
וואס גיט ארויס בלעטער; אין זאאלא־
גיע — וואס האט בלעטער־פערמיגע ארגא־
נען אדער קערפער־טיילען.

phyllotac'tic *a.* (פיל-א-טעק'-טיק)
וואס איז שייך צו בעבלעטערונג [די ארד־
נונג און די פערטיילונג פון די בלעטער
אויף א בוים].

phyllotax'is *n.* (פיל-א-טעקס'-איס)
די בעבלעטערונג [די ארט ווי אזוי די
בלעטער זיינען פאנאנדערגעטיילט אויף
א פלאנצען־שטענגעל].

phyl'lotaxy *n.* (פיל'-א-טעקס-אי)
ז. *phyllotuxis*

phylloxe'ra *n.* (פיל-אק-סי'-רא) די
פילאקסערא, די וויינשטאק־לויז [א זעהר
שעדליכער אינזעקט פאר וויינגערטנער];
די קראנקהייט וואס דיעזער אינזעקט פער־
אורזאכט אין א וויינשטאק.

Phylloxe'ra *n.* (פיל-אק-סי'-רא) די
פילאקסערא, דער מין פלאנצען־לייז
[אזעלכע אינזעקטען וואס פערדארבען
פלאנצען, ווי די וויינשטאק־לויז].

phylogen'esis *n.* (פאי-לא-דזשענ'-ע-
סיס) ז. *phylogeny*

phylogenet'ic *a.* (פאי-לא-דזשי-נעט'-
איק) ז. *phylogenic*

phylogen'ic *a.* (פאי-לא-דזשענ'-איק)
פילאגעניש, וואס איז שייך צו פילאגעניע.
ז. *phylogeny*

phylog'eny *n.* (פאי-לאדזש'-ע-ני) פי־
לאגעניע [די געשיכטע פון ענטוויקלונג
פון א גאנצען מין פון פלאנצונגען אדער
חיות אין געגענזאץ צו אנטאגעניע, די
ענטוויקלונגס־געשיכטע פון איין אינדיווי־
דואום].

phys'alite *n.* (פיס'-ע-לאיט) דער פיזע־
ליט [א מין טאפאז]. ז. *topaz*

physe'ter *n.* (פאי-סי'-טער) א קאשא־
לאט [א זעהר גרויסער ים־פיש].

phys'ic *n. and v.* (פיז'-איק) די מע־
דיצין־לעהרע; די הייל־קונסט; א מעדי־
צין, א רפואה; אן אבפיהרונגס־מיטעל;
קורירען; געבען מעדיצין; איינגעבען
אדער איינגעהמען אן אבפיהרונגס־מיטעל;
בעהאנדלען מיט א כעמישען מיטעל. אב־
צורייניגען פון זייטיגע עלעמענטען [ווי
דאס געברויכען אן אקסידירענדען מיטעל
צו רייניגען אייזען פון פאספאר און שווע־
בעל].

phys'ical *a.* (פיז'-אי-קעל) פיזיש;
קערפערליך; נאטירליך; פיזיקאליש, וואס
איז שייך צו פיזיק אדער נאטור־וויסענ־
שאפט.

phys'ical examina'tion (פיז'-אי-
קעל עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) א פיזישע אדער
קערפערליכע אונטערזוכונג [אויב עס
זיינען ניט פאראן קיין סמנים פון א
קראנקהייט].

phys'ical force (פיז'-אי-קעל פאורס)
פיזישע אדער קערפערליכע קראפט.

phys'ical geog'raphy (פיז'-אי-קעל
דזשי-אג'-רע-פי) פיזיקאלישע געאגראפיע
[דער טייל פון געאגראפיע וואס פער־
נעהמט זיך מיט דער בעשרייבונג פון די
פיזיקאלישע ערשיינונגען, איינענשאפטען
און פארמען פון דער אויבערפלעכע פון
דער ערד].

phys'icalist *n.* (פיז'-אי-קעל-איסט)
איינער וואס האלט פון דער טעאריע, אז
דער מענשליכער גייסט אדער אינטעלעקט
העננט אב פון זיין קערפערליכען געבוי.

phys'ical laws (פיז'-אי-קעל לאהז)
די נאטור־געזעצען.

phys'ically *adv.* (פיז'-אי-קעל-אי)
אויף א פיזיקאלישען אדער פיזישען אופן
[ניט גייסטיג אדער אינטעלעקטועל];
אין בעצוג צו פיזיק אדער נאטור־וויסענ־
שאפט.

phys'icalness *n.* (פיז'-אי-קעל-נעס)
דאס זיין פיזיקאליש אדער פיזיש.

phys'ical perfec'tion (פיז'-אי-קעל
פויר-פעק'-שאן) קערפערליכע פאלקאמענ־
הייט.

phys'ical sci'ences (פיז'-אי-קעל
סאי'-ענ-סעז) די פיזיקאלישע וויסענ־
שאפטען [די וויסענשאפטען איבער דער
טויטער נאטור, ווי פיזיק, כעמיע, אסטרא־
נאמיע, געאלאגיע א. ז. וו.].

phys'ical signs (פיז'-אי-קעל סאינז)
פיזישע צייכענס פון א קראנקהייט [די
סמנים פון א קראנקהייט וועלכע דער דאק־
טאר בעמערקט דירעקט פון דעם פיזישען
צושטאנד פון קערפער].

physi'cian *n.* (פי-זיש'-ען) א דאקטאר,
אן ארצט.

physi'ciancy *n.* (פי-זיש'-ענ-סי) די
אנשטעלונג פון א דאקטאר; די שטעלע
אדער אמט פון א דאקטאר.

physi'cian in or'dinary (פי-זיש'-ען
אין אהר'-די-נער-אי) א לייב־ארצט.

physi'cianly *a.* (פי-זיש'-ענ-לי) דאק־
טאריש, כאראקטעריסטיש פאר א דאקטאר,
וואס איז שייך צו א דאקטאר [ארצט].

physi'cianship *n.* (פי-זיש'-ענ-שיפ)
דאס אמט אדער די שטעלע פון א דאק־
טאר.

phys'icist *n.* (פיז'-אי-סיסט) א גע־
לעהרטער אין פיזיק אדער נאטור־וויסענ־
שאפט, א נאטור־פילאזאף; איינער וואס
שטרעבט צו ערקלערען דעם גרונד־פרינציפ
פון לעבען בלויז דורך פיזיקאלישע און
כעמישע געזעצען.

phys'icky *a.* (פיז'-אי-קי) ווי א מעדי־
צין, ווי א רפואה.

phys'ic-nut *n.* (פיז'-איק-נאט) דער
פורגיה־נוס אדער אבפיהר־נוס [א געווי־
סער נוס וואס זיין אויל ווערט בענוצט
אלס אבפיהר־מיטעל].

physicochem'ical *a.* (פיז-אי-קאו-
קעמ'-אי-קעל), וואס איז שייך צו פיזיק
און כעמיע; וואס איז פראדוצירט דורך
דער פעראייניגונג פון פיזיקאלישע און
כעמישע קרעפטען.

physicolog'ic *n.* (פיז-אי-קא-לאדזש'-
איק) לאגיק וואס איז בעגרינדעט דורך
פיזיק.

physicomathemat'ics *n.* (פיז-אי-
קא-מעטה-אי-מעט'-איקס) די מאטהעמא־
טישע פיזיק.

physicomen'tal *a.* (פיז-אי-קא-מענ'-
טעל) וואס איז שייך צו פיזישע און גייס־
טיגע ערשיינונגען און זייערע געגענזייטי־
גע בעציהונגען.

physicophilos'ophy *n.* (פיז-אי-קא-
פי-לאס'-א-פי) די פילאזאפיע פון דער
נאטור, פילאזאפיע בעגרינדעט אויף נא־
טור־וויסענשאפט.

physicotheol'ogy *n.* (פיז-אי-קא-טהי-
אל'-א-דזשי) טעאלאגיע [רעליגיאנס־לעה־
רע] בעגרינדעט דורך נאטור־וויסענשאפט.

phys'ics *n.* (פיז'-איקס) פיזיק, נאטור־
וויסענשאפט.

physioc'racy *n.* (פיז-אי-אק'-רע-סי)
פיזיאקראטיזם, די עקאנאמישע לעהרע פון
די פיזיאקראטען [די טעאריע, אז דאס
רייכטום פון א נאציאן בעשטעהט בלויז
אין לאנד און לאנד־פראדוקטען, אין גע־
גענזאץ צו די מערקאנטיליסטען וואס הא־
בען בעהויפטעט, אז דאס רייכטום פון א
נאציאן בעשטעהט אין געלד און אנדערע
טייערע מעטאלען. אלס ישלום־פאלגערונג
פון זייער לעהרע האבען די פיזיאקראטען
געפאדערט, אז אלע הכנסות פון שטאאט
דארפען גענומען ווערען פון לאנד דורך א
דירעקטען שטייער וואס דארף ארויפגע־
לעגט ווערען אויף לאנד־אייגענטום און
אז דער האנדעל דארף זיין פאלשטענדיג
פריי. דיעזע טעאריע האט געהאט פיעל
אנהענגער אין דער צווייטער העלפט פון
18טען יאהרהונדערט].

phys'iocrat *n.* (פיז'-אי-א-קרעט) א
פיזיאקראט, אן אנהענגער פון פיזיאקרא־
טיזם. ז. *physiocracy*

physiocrat'ic *a.* (פיז-אי-א-קרעט'-
איק) פיזיאקראטיש, וואס איז שייך צו די
לעהרען פון די פיזיאקראטען.
ז. *physiocracy*

physioc'ratism *n.* (פיז-אי-אק'-רע-
טיזם) ז. *physiocracy*

physiogen'esis *n.* (פיז-אי-א-דזשענ'-
ע-סיס) ז. *physiogeny*

physiogenet'ic *a.* (פיז-אי-א-דזשי-
נעט'-איק) ז. *physiogenic*

physiogen'ic *a.* (פיז-אי-א-דזשענ'-
איק) פיזיאגעניש, וואס איז שייך צו פי־
זיאגעניע. ז. *physiogeny*

physiog'eny *n.* (פיז-אי-אדזש'-ע-ני)

אין ביאלאגיע — די ענטוויקלונג פון די פונקציאנען פון לעבעדיגען שטאף; די וויסענשאפט אדער די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די פונקציאנען פון לעבעדיגען שטאף.

physiog'nomer *n.* (פיז-אי-אג'-נא-מער) ז. *physiognomist*

physiognom'ic *a.* (פיז-אי-אג-נאמ'-איק) פיזיאנאמיש; וואס איז שייך צו דער פיזיאנאמיע אדער געזיכט; וואס איז שייך צו דער קונסט פון בעשטימען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע.

physiognom'ical *a.* (פיז-אי-אג-נאמ'-אי-קעל) ז. *physiognomic*

physiognom'ically *adv.* (פיז-אי-אג-נאמ'-אי-קעל-אי) לויט דער פיזיאנאמיע; לויט די כללים פון חכמת הפרצוף [די קונסט צו דערקענען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע].

physiognom'ics *n.* (פיז-אי-אג-נאמ'-איקס) ז. *physiognomy*

physiog'nomist *n.* (פיז-אי-אג'-נא-מיסט) א פיזיאנאמיסט, א קענער פון חכמת הפרצוף, איינער וואס קען בעשטימען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע.

physiognomon'ic *a.* (פיז-אי-אג-נא-מאנ'-איק) ז. *physiognomic*

physiog'nomy *n.* (פיז-אי-אג'-נא-מי) די פיזיאנאמיע, די געזיכטסציגע, דאס געזיכט; חכמת הפרצוף, די קונסט צו דערקענען דעם כאראקטער פון א מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע; דאס אלגעמיינע אויסערליכע אויסזעהען פון עפעס.

physiog'ony *n.* (פיז-אי-אג'-א-ני) די ענטשטעהונג פון דער נאטור.

physiograph'ic *a.* (פיז-אי-א-גרעפ'-איק) פיזיאגראפיש, נאטור-בעשרייבענד; וואס איז שייך צו פיזיקאלישער געאגראפיע. ז. *physical geography*

physiograph'ical *a.* (פיז-אי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *physiographic*

physiograph'ically *adv.* (פיז-אי-א-גרעפ'-אי-קעל-אי), אין בעצוג צו פיזיאגראפיע; פון א פיזיאגראפישען שטאנדפונקט. ז. *physiography*

physiog'raphy *n.* (פיז-אי-אג'-רע-פי) פיזיאגראפיע, די נאטור-בעשרייבונג, פיזיקאלישע געאגראפיע. ז. *physical geography*

physiol'atry *n.* (פיז-אי-אל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון די נאטור-קרעפטען.

physiol'oger *n.* (פיז-אי-אל'-א-דזשער) א נאטור-פילאזאף; איינער וואס זוכט צו ערקלערען דעם גרונד-פרינציפ פון לעבען בלויז דורך פיזיקאלישע און כעמישע געזעצע.

physiolog'ic *a.* (פיז-אי-א-לאדזש'-איק) פיזיאלאגיש, וואס איז שייך צו פיזיאלאגיע. ז. *physiology*

physiolog'ical *a.* (פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *physiologic*

physiolog'ically *adv.* (פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פיזיאלאגיע, לויט די פרינציפען פון פיזיאלאגיע. ז. *physiology*

physiolog'ical psychol'ogy (פיז-אי-א-לאדזש'-אי-קעל סאי-קאל'-א-דזשי) פיזיאלאגישע פסיכאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די פיזיאלאגישע און פסיכאלאגישע ערשיינונגען אין זייערע גענענזייטיגע בעציהונגען].

physiol'ogist *n.* (פיז-אי-אל'-א-דזשיסט) א פיזיאלאג, א קענער פון פיזיאלאגיע. ז. *physiology*

physiol'ogize *v.* (פיז-אי-אל'-א-דזשאיז) בעטראכטען אדער דיסקוטירען לויט דער נאטור פון די זאכען.

physiol'ogy *n.* (פיז-אי-אל'-א-דזשי) פיזיאלאגיע [די וויסענשאפט וועגען די פונקציאנען פון קערפער פון לעבעדיגע בעשעפענישען].

physiomed'icalism *n.* (פיז-אי-א-מעד'-אי-קעל-איזם) די מעדיצינישע טעאריע, אז צום היילען זאלען געברויכט ווערען בלויז באטאנישע מיטלען [ווי גראזען, פלאנצען א. ד. ג.], אויסשליסענדיג גיפטיגע.

physiophilos'ophy *n.* (פיז-אי-א-פי-לאס'-א-פי) נאטור-פילאזאפיע.

physios'ophy *n.* (פיז-אי-אס'-א-פי) די מיסטישע לעהרע וועגען די סודות פון דער נאטור.

physique' *n.* (פי-זיק') דער פיזישער געבוי פון א לעבעדיגער בעשעפעניש, בעזונדערס פון א מענשען.

He has developed a very fine **physique.**

phys'itheism *n.* (פיז'-אי-טהי-איזם) דאס צושרייבען צו גאט פיזישע און קערפערליכע פארמען.

phy'tiform *a.* (פאי'-טי-פארם) וואס איז ענהליך צו א פלאנצע.

phytiv'orous *a.* (פאי-טיוו'-א-ראס) וואס עסט פלאנצען אדער גראז.

phytobiol'ogy *n.* (פאי-טא-באי-אל'-א-דזשי) דער טייל פון ביאלאגיע וואס פערנעהמט זיך מיט דעם לעבען פון פלאנצען.

phytochem'ical *a.* (פאי-טא-קעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פלאנצען-כעמיע.

phytochem'istry *n.* (פאי-טא-קעמ'-איס-טרי) פלאנצען-כעמיע [די כעמיע פון פלאנצען].

phytogen'esis *n.* (פאי-טא-דזשענ'-ע-סיס) ז. *phytogeny*

phytogenet'ic *a.* (פאי-טא-דזשי-נעט'-איק) פון דער אבשטאמונג פון פלאנצען; וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון פלאנצען.

phytogenet'ical *a.* (פאי-טא-דזשי-נעט'-אי-קעל) ז. *phytogenetic*

phytog'eny *n.* (פאי-טאדזש'-ע-ני) די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון פלאנצען.

phytogeograph'ic *a.* (פאי-טא-דזשי-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער געאגראפישער פערשפרייטונג פון פלאנצען.

phytogeograph'ical *a.* (פאי-טא-דזשי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *phytogeographic*

phytogeog'raphy *n.* (פאי-טא-דזשי-אג'-רע-פי) די געאגראפישע פאנאנדערטיילונג פון פלאנצען.

phytog'rapher *n.* (פאי-טאג'-רע-פער) איינער וואס בעשרייבט און קלאסיפיצירט פלאנצען.

phytograph'ic *a.* (פאי-טא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו פלאנצען-בעשרייבונג.

phytograph'ical *a.* (פאי-טא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *phytographic*

phytog'raphy *n.* (פאי-טאג'-רע-פי) די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון פלאנצען.

phy'toid *a.* (פאי'-טאיד) פלאנצען-ארטיג, פלאנצען-פערמיג.

phy'tolite *n.* (פאי'-טא-לאיט) א פערשטיינערטע פלאנצע.

phytolithol'ogy *n.* (פאי-טא-לי-טהאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פלאנצען.

phytolog'ical *a.* (פאי-טא-לאדזש'-אי-קעל) באטאניש, וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען פלאנצען.

phytol'ogist *n.* (פאי-טאל'-א-דזשיסט) א באטאניקער, א קענער אין דער וויסענשאפט, וועלכע בעהאנדעלט פלאנצען.

phytol'ogy *n.* (פאי-טאל'-א-דזשי) באטאניק, פלאנצען-לעהרע.

phyton'omy *n.* (פאי-טאנ'-א-מי) די פיזיאלאגיע פון פלאנצען, די לעהרע און געזעצען וועגען דעם וואוקס פון פלאנצען.

phytopathol'ogy *n.* (פאי-טא-פע-טהאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען פלאנצען-קראנקהייטען.

phytoph'agan *a. and n.* (פאי-טאפ'-ע-גען) וואס עסט פלאנצען; א חיה וואס עסט פלאנצען.

phytoph'agous *a.* (פאי-טאפ'-ע-גאס) וואס עסט פלאנצען, וואס נעהרט זיך מיט פלאנצען.

phytoph'agy *n.* (פאי-טאפ'-ע-דזשי) די געוועהנהייט אדער די נאטור זיך צו נעהרען מיט פלאנצען.

phyto'sis *n.* (פאי-טאו'-סיס) דאס פערהאנדען זיין פון פלאנצען-פאראזיטען אדער די קראנקהייט וואס ווערט דורך זיי פערורזאכט צו פלאנצען.

phy'totaxy *n.* (פאי-טא-טעק-סי) די וויסענשאפט וועגען דער קלאסיפיצירונג פון פלאנצען, סיסטעמאטישע באטאניק.

phytot'omy *n.* (פאי-טאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון פלאנצען, די צוגליעדערונג פון פלאנצען.

Phytozo'a *n.* (פאי-טא-זאו'-א) די פלאנצען-ענהליכע טהיערע [ווי די קאראלען, שוואמען א. ד. ג.].

phytozo'an *a. and n.* (פאי-טא-זאו'-ען) פלאנצען-ענהליך [וועגען טהיערע]; א פלאנצען-ענהליך חיה'לע.

phyz *n.* (פיז) ז. *phiz*

pi *n. and v.* (פאי) דרוק-שריפט וואס איז צוזאמענגעווארפען און אויסגעמישט אין אונארדנונג; צוזאמענווארפען דרוק-שריפט אין אונארדנונג.

pi'a *n.* (פאי'-א) ז. *pia mater*

piace'vole *a.* (פיע-טשיי'-וואו-לע) אין מוזיק — לעבעדיג, זיס-קלינגענד [בעצייכנענד ווי אזוי א געוויסע שטיק דארף געשפיעלט ווערען].

piac'ular *a.* (פאי-עק'-יו-לאר) פערגלעטענד, אדער גוט-מאכענד [א זינד]; וואס איז מכפר; וואס פאדערט תשובה אדער חרטה; זינדיג; פערדארבען; פערברעכעריש.

piac'ulous *a.* (פאי-עק'-יו-לאס) ז. *piacular*

piaffe' *v.* (פי-עף') באלאנסירען מיט די פיס, שטאלץ טרעטען [וועגען א פערד].

piaf'fer *n.* (פי-עפ'-ער) דאס באלאנסירען, דאס שטאלץ טרעטען [פון א פערד].

pi'al *a.* (פאי'-על) וואס איז שייך צום דינעם הייטעל, וואס בעדעקט דעם מארך [פון קאפ און פון רוקען].

pi'a ma'ter (פאי'-א מיי'-טער) דאס דינע הייטעל וואס בעדעקט דעם מארך פון קאפ און פון רוקען.

piana'ta *n.* (פי-א-נא'-טא) א קליינע מאשין-פיאנא, אויף וועלכער מען שפיעלט אין די גאסען.

pianette' *n.* (פי-ע-נעט') א קליינע פיאנא.

piangen'do *a.* (פיען-דזשענ'-דא) אין מוזיק — קלאגענד [אן אנווייזונג ווי אזוי צו שפיעלען א געוויסע שטיק].

piani'no *n.* (פי-ע-ני'-נאו) א פיאנינא, א פיאנא.

pian'ism *n.* (פי-ענ'-איזם) דאס שפּיעלען פיאנא.

pianis'simo *adv.* (פי-ע-ניס'-אי-מאו) אין מוזיק — זעהר שוואך, זעהר שטיל.

pian'ist *n.* (פי-ענ'-איסט) א פיאניסט, א קלאוויר-שפּיעלער.

pia'no *a.* (פיא'-נאו) אין מוזיק — שוואך אדער שטיל.

pian'o *n.* (פי-ענ'-או) א פּארטעפּיאנא, א פיאנא.

pian'o-case *n.* (פי-ענ'-או-קיים) דער הילצערנער קאסטען, אין וועלכען עס געפינט זיך דער מעכאניזם פון א פיאנא.

pian'o-cov'er *n.* (פי-ענ'-או-קאוו'-ער) דאס ציכעל וואס בעדעקט א פיאנא.

pian'oforte *n.* (פי-ענ'-או-פאורט) א פּארטעפּיאנא.

pian'ograph *n.* (פי-ענ'-א-גרעף) ז. *music-recorder*

piano'la *n.* (פי-ע-נאו'-לא) א פיאנאלא [א פיאנא וואס קען אויף שפּיעלען אויטאמאטיש].

pian'o-play'er *n.* (פי-ענ'-או-פליי'-ער) א פיאנא-שפּיעלער; א פארריכטונג צו ערמעגליכען פאר א פיאנא צו שפּיעלען אויטאמאטיש.

pian'o-school *n.* (פי-ענ'-או-סקוהל) א שוהל וואו מען לערענט שפּיעלען פיאנא; א מעטאדע אדער סיסטעם פון שפּיעלען פיאנא; דאס בוך פון אזא מעטאדע אדער סיסטעם.

pian'o-score *n.* (פי-ענ'-או-סקאור) געשריבענע אדער געדרוקטע נאטען פאר זינגען מיט דעם אקאמפּאנימענט פון א פיאנא.

pian'o-stool *n.* (פי-ענ'-או-סטוהל) א ספּעציעלער שטוהל צו זיצען ביים פיאנא בעת'ן שפּיעלען.

pian'o-violin' *n.* (פי-ענ'-או-וואי-א-לין') ז. *harmonichord*

pias'saba *n.* (פי-עס'-ע-בא) ז. *piassava*

pias'sava *n.* (פי-עס'-ע-ווא) די פיאסאווא [אזא זיד-אמעריקאנישע פּאלמע, וואס פון איהרע בלעטער-פּעדים אדער פאזערען ווערען געמאכט שטריק און בעזימער]; די פאזערען פון דיעזער פּאלמע.

Piassava

pias'ter *n.* (פי-עס'-טער) א פיאסטער, א טערקישע זילבערנע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 4½ אמעריקאנער סענט; א שפּאנישער דאלאר.

pias'tre *n.* (פי-עס'-טער) ז. *piaster*

piaz'za *n.* (פי-עז'-א) א זיילען-גאנג, א גאלערעע; א פיאצא, אן אפענער פּלאץ אין א שטאדט ארומגערינגעלט מיט געביידע אדער זיילען.

pib'ble-pab'ble *n.* (פיב'ל-פעב'ל) פּלוידעריי; דברים בטלים.

pi'broch *n.* (פי'-בראך) שאטלענדישע קריגס-מוזיק.

pi'ca *n.* (פאי'-קא) ציצערא [א זארט דרוק-שריפט פון 12 פונקטען]; א סאראקע [א מין ראב]; אן אוננארמאלער אפּעטיט, ווען דער מענש עסט אזעלכע זאכען ווי ליים, קויהלען א. ד. ג.

picador' *n.* (פיק-ע-דאור') א פיקאדאר [איינער פון די, וואס שטעכען און רייצען אויף אן אקס אלס אנפאנג פון אקסען-קאמפּף אין א צירק].

pic'amar *n.* (פיק'-ע-מאר) דער ביטערער עסענץ פון טער.

pic'ard *n.* (פיק'-ארד) א מין שוך מיט הויכע קנאפּעל, וועלכע מענער פלעגען טראגען אין אנהויב פון 18טען יאהרהונדערט.

picaresque' *a.* (פיק-ע-רעסק') וואס בעשעפטיגט זיך מיט רויבער, גנבים אדער וואַנטוריסטען [וועגען ליטעראַרישע ווערק].

picaroon' *n.* (פיק-ע-רוהן') א פיראט, א ים-רויבער; א בעטריגער; אן אוואנטוריסט.

picayune' *n. and a.* (פיק-ע-יוהן') א קליינע מטבע; קליין; נישט ווירדיג.

picayu'nish *a.* (פיק-ע-יוה'-ניש) קליינליך, אונבעדייטענד, נישט ווירדיג.

pic'cage *n.* (פיק'-עדזש) דאס געצאהלט וואס וואנדערענדע אקטיארען פלעגען צאהלען פאר דער ערלויבניש אויפצושטעלען א ביהנע אויף א מארק אדער יריד.

pic'calilli *n.* (פיק'-ע-ליל-אי) א ראסעל פון געמישטע גרינסען, ווי אוגערקעס, ציבעלעס א. ז. וו.

pic'caninny *n.* (פיק'-ע-נינ-אי) ז. *pickaninny*

piccheta'to *a.* (פיק-קע-טא'-טא) אין מוזיק — פּיטשעטאטא, אבגעהאקט. [וועגען די בעוועגונגען פון דעם בויגען אויף די סטרונעס פון א פידעל אדער פון אן עהנליכען אינסטרומענט].

pic'colo *n.* (פיק'-א-לאו) דער פיקאלא, א קליינע פליוט [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

pice *n.* (פאיס) א קליינע קופערנע מטבע אין אסט-אינדיען [זי האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר ¾ פון אן אמעריקאנער סענט].

pi'ceous *a.* (פיש'-יאס) פּעך-שווארץ; שווארץ מיט א שוואכער טונקעל-רויטער שאטירונג.

pichicia'go *n.* (פיטש-אי-סי-א'-גאו) אזא קליינע ארמאדילא אדער פּאנצער-טהיער. ז. *armadillo*

pick *v. and n.* (פיק) פּיקען, אויספּיקען [א לאך]; אויסקלייבען, אויסוועהלען; אויסטיילען אדער אבטיילען פון עפּעס; אבריסען; ארויסנעהמען עפּעס בגנבה מיט די פינגער; ארויס'גנב'ענען פון טאש; פּאנאנדערטיילען אדער פּאנאנדערנעהמען עפּעס מיט די פינגער אדער מיט א קליינעם אינסטרומענט: עפענען א שלאס אהן א שליסעל [מיט א קרוטשעק]; פליקען: רייסען [בלומען א. ז. וו.]; צופּען; קלאפּען אויף עפּעס מיט א שטאכעל אדער מיט'ן שנאבעל; משאמקען ביים עסען, קייען אהן אפּעטיט; לאטכענען עפּעס; וועק'גנב'ענען; א שפּיץ-האמער; אן אינסטרומענט צו האקען אדער גראבען; א פּיקע, א קירקע; א קרוטשעק צו עפענען א שלאס אהן א שליסעל; די קוואנטיטעט פון אבגעשניטענע תבואות, וועלכע מען קלייבט אויף מיט די הענד אין א געוויסער צייט; אין דרוקעריי — פּסלת אדער אונרייניגקייטען וואס קלייבען זיך אן אויף דער דרוק-שריפט פון די וואלען נאך'ן דרוקען; דער בעסטער אויסוואהל; אבגעקליבענע זאך.

pick'aback *adv.* (פיק'-ע-בעק) טראגענדיג באראנטשיק; זיצענדיג רייטענד אויף די פּלייצעס אדער אקסלען.

pick acquaint'ance (פיק ע-קהווינט'-ענס) מאכען בעקאנטשאפט.

pick'aninny *n.* (פיק'-ע-נינ-אי) אן עופה'לע, א קליין קינד [בעזונדערס ביי די נעגערס].

pick'apack *adv.* (פיק'-ע-פעק) ז. *pickaback*

pick a quar'rel (פיק ע קהוואר'-על) משעפּענען זיך, זוכען מחלוקות.

pick at (פיק עט) נאגען, טאטשען שטענדיג מיט שטראף-רייד.
She always picks at the child.

pick'ax *n.* (פיק'-עקס) ז. *pickaxe*

pick'axe *n.* (פיק'-עקס) א קירקע, א שפּיץ-האק.

pick'back *adv.* (פיק'-בעק) אויף'ן רוקען; טראגענדיג באראנטשיק.

picked *a.* (פיקט) אויסגעוועהלט, אויסגעקליבען; אבגעריסען [פּרוכט פון בוימער, בלומען פון שטענגלער א. ז. וו.].


Pickaxe

pick'ed *a.* (פיק'-עד) געשפּיצט; שטעכיג, בעדעקט מיט שטאכלען.

pick'er *n.* (פיק'-ער) איינער וואס קלייבט עפּעס אויף; אין דרוקערייען — אן ארבייטער וואס נעהמט ארונטער דעם אנגעקליבענעם שמוץ אויף די דרוק-פּלאטען נאך'ן דרוקען; אן אינסטרומענט אדער מאשין צו רייסען, פּאנאנדערטיילען אדער אבקלייבען; א קעשעניק, א גנב.

pick'erel *n.* (פיק'-ע-רעל) א מין העכט.

Pickerel

pick'eridge *n.* (פיק'-ע-רידזש) א געשוויר אויף'ן רוקען פון פיה.

pick'et *n. and v.* (פיק'-עט) א שפּיציגער פּלאקען; א שטאקעט; א פעלד-וואך [ביי מיליטער]; א פּיקעט, א קליינער אטריאד סאלדאטען וואס ווערען ארויסגעשיקט אויסצושפּיאנען די לאגע פון שונא; א גרופּע שטרייקענדע ארבייטער וואס ווערען ארויסגעשיקט ניט צו דערלאזען שטרייק-ברעכער צו ארבייטען; אן ארט שטראף, וואס איז בעשטאנען אין דעם וואס מען פלעגט דעם בעשטראפטען שטעלען אויף איין פוס אויף א שפּיציגען שטעקען; ארומצאמען מיט א

שטאקעט; שטעלען אויף דער וואך; צובינדען צו א פלאקען [ווי א פערד].

pick'et-fence' *n.* (פיק'-עט-פענס') א צאם פון פערשפיצטע פלעקער.

pick'et-guard *n.* (פיק'-עט-גארד) די פעלד-וואך [א וואך פון רייטענדע און פוס-סאלדאטען וועלכע דארפען זיין גרייט אין פאל פון א טרעוואגע].

pick fault (פיק פאהלט) זוכען חסרונות, טשעפען זיך צו קלייניגקייטען.

pick'ing *n.* (פיק'-אינג) דאס פיקען; דאס פליקען, דאס צופען; דאס אויסקלייבען, דאס אויסוועהלען; די פערענדיגונג פון געוועבטען שטאף דערמיט, וואס מען רייניגט עס אב פון די קניפלעך; דאס גנב'ענען, דאס לאטכענען; דאס אראבנעהמען די אנגעקליבענע שמוץ פון דרוק-פלאטען; א גוט דורכגעברענטער ציעגעל.

pick'ings *n.* (פיק'-אינגז) זאכען וואס מען קען אויפקלייבען אדער אויסקלייבען; צוריבענע מושלען פון אויסטערס, וועלכע מען בענוצט אין מאכען א שפאציער-וועג אדער אלעע.

pick'le *n. and v.* (פיקל) ראסעל; זאלץ-וואסער; גרינסען [אוגערקעס, ציבעלעס א. ד. ג.] איינגעזייערטע אין עסיג; א זויערע אוגערקע; אן ארומגעצאמט שטיק לאנד; אן אונאנגענעהמע לאגע, א פערלעגענהייט; א ווילדער יונג, א קונדס, אן אונרוהיג קינד; איינזאלצען, איינזייערען אין עסיג, מארינירען.

pick'le-cured *a.* (פיק'ל-קיורד) איינגעזאלצען, איינגעזייערט, מארינירט.

pickled *a.* (פיקלד) איינגעזייערט אין עסיג.

pick'led cu'cumbers (פיקלד קיו'-קאמ-בערז) זויערע אונגערקעס.

pick'led rogue (פיקלד ראוג) א ביטערער יונג, א חברה-מאן, א באנדיט.

pick'le-her'ring *n.* (פיק'ל-הער'-אינג) א מארינירטער הערינג.

pick'le-manufac'turer *n.* (פיק'ל-מענ-יו-פעק'-טשור-ער) א פערלעגער פון שלעכט אויסגעשטאטעטע ווערק.

pick'le pic'tures (פיקל פיק'-טשורז) נאכמאכען אלטע בילדער און פערקויפען זיי אלס אריגינעלע.

pick'ling-tub *n.* (פיק'-לינג-טאב) א מאריניר-פאס, א ראסעל-פאס.

pick'lock *n.* (פיק'-לאק) א נאכגעמאכטער שליסעל פון א גנב; א קרוטשיק צו עפענען שלעסער; א גנב וואס ברעכט אויף שלעסער; די בעסטע אויסגעקליבענע וואל.

pick'man *n.* (פיק'-מען) איינער וואס ארבייט מיט א קירקע אדער מיט א שפיץ-האמער.

pick'maw *n.* (פיק'-מאה) די שווארצקעפיגע אדער לאכענדע מעווע. ז. ***gull***

pick'-me-up *n.* (פיק'-מי-אפ) אן אויפרעגענדער געטראנק.

pick'mire *n.* (פיק'-מאיר) ז. ***pickmaw***

pick off (פיק אף) ציעלען זיך אויף איינעם און טויטען אדער פערוואונדען איהם.

pick one's way (פיק וואנז וועיי) אויסקלייבען דעם וועג, געהן זעהר פארזיכטיג.

pick out (פיק אוט) אויסשניידען, אויסהאקען, אויסרייסען; אויסגעפינען, ארויסנעהמען; אויסוועהלען, אויסקלייבען.

pick'pack *adv.* (פיק'-פעק) ז. ***pickaback***

pick'penny *n.* (פיק'-פענ-אי) א קארגער יונג.

pick'pocket *n.* (פיק'-פאק-עט) א קעשעניק, א קעשענע-גנב, א בייטעל-שניידער; א מין גוילדעס מיסט-גראז מיט ווייסע בליטהען.

pick pock'ets (פיק פאק'-עטס) גנב'ענען פון די קעשענעס.

pick'-poin'ted *a.* (פיק'-פאינ'-טעד) וואס האט א שפיץ ווי פון א קירקע [וועגען געוויסע האמערס און העק].

pick'purse *n.* (פיק'-פוירס) ז. ***pickpocket***

pick'rell *n.* (פיק'-רעל) ז. ***pickerel***

pick straws (פיק סטראהז) קלייבען שטרוי, אומזיסט בעמיהען זיך.

pick up (פיק אפ) אויפהויבען א זאך; זיך ערהויבען, אננעהמען זיך מיט מוטה: אויפקלייבען; פאנאנדערקלייבען איינציגווייז [ווי ביי פאנאנדערקעמען האר אדער פלאקס].

pick up informa'tion (פיק אפ אינ-פאר-מיי'-שאן) ערווערבען ידיעות אדער קענטניסע; אנזאמלען ביסלעכווייז אדער ביי געלעגענהייטען אינפארמאציאנען אדער קענטניסע.

pick'wick *n.* (פיק'-הוויק) אן אינסטרומענט אבצוקנייפען אנגעברענטע קנויטען פון די אלטפרענקישע נאכט-לאמפען; א שלעכטער ציגאר.

Pickwick'ian *a.* (פיק-הוויק'-אי-ען) וואס איז ענליך צו פיקוויק'ען [דער העלד פון דיקענס'עס ראמאן "פיקוויק'ס פאפיערען"].

Pickwick'ian sense (פיק-הוויק'-אי-ען סענס) ניט קיין ריכטיגע, נאר א קינסטליך געדרעהטע, אויסגע'פשטל'טע בעדייטונג פון ווארט.

pic'nic *n. and v.* (פיק'-ניק) א פיקניק, א מאיאוועקע [אן ארויספאהר פון א קאמפאניע מענשען אונטער דער שטאדט צו פערברייגנען אויף דער פרייער לופט]; א גוט שטיקעל צייט; עטוואס וואס עס קומט אן לייכט; ארויספאהרען אויף א פיקניק.

pic'nicker *n.* (פיק'-ניק-ער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פיקניק. ז. ***picnic***

pic'nic par'ty (פיק'-ניק פאר'-טי) א פיקניק-געזעלשאפט, א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס צו אונטערהאלטען זיך אויף דער פרייער לופט.

picotee' *n.* (פיק-א-טיע') א מין גארטען-נעלקע. ז. ***carnation***

pic'ric *a.* (פיק'-ריק) וואס איז שייך צו פיקרין [א ביטערער כעמישער שטאף].

pic'ric ac'id (פיק'-ריק עס'-איד) פיקרין-זויערע [א כעמישער שטאף וואס ווערט געברויכט צו פארבען וואל אדער זייד אין א געלבען קאליר].

pic'rin *n.* (פיק'-רין) דאס פיקרין [א ביטערער כעמישער שטאף].

pic'rolite *n.* (פיק'-רא-לאיט) דער פיקראליט [א מין גרינער מינעראל].

pic'romel *n.* (פיק'-רא-מעל) א ביטערער שטאף וואס בעקומט זיך פון גאל.

picros'mine *n.* (פיק-ראס'-מין) דער פיקראסמין [א מינעראל וואס לאזט פון זיך ארויס א ביטערען גערוך ווען מען בענעצט איהם].

Pict *n.* (פיקט) די פיקטען, א פארצייטיג קעלטיש פאלק אין קאלעדאניען [שאטלאנד], וואס פלעגט אפט אנפאלען אויף די רוימישע פראווינצען אין ענגלאנד.

Pic'tish *a.* (פיק'-טיש) פיקטיש, וואס איז שייך צו די פארצייטיגע פיקטען. ז. ***Pict***

pic'tograph *n.* (פיק'-טא-גרעף) סימבאלישע אדער היעראגליפישע צייכנונגען וואס בעצייכנען א געוויסען געדאנק אדער אידעע. ז. ***hieroglyph***

pictograph'ic *a.* (פיק-טא-גרעפ'-איק) בעצייכנענד געוויסע געדאנקען אדער אידעען מיט סימבאלען אדער היעראגליפישע צייכענס.

pictog'raphy *n.* (פיק-טאג'-רע-פי) דאס בעצייכנען געדאנקען און אידעען מיט סימבאלישע אדער היעראגליפישע צייכענס.

picto'rial *a.* (פיק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו בילדער אדער צייכנונגען; מאלעריש, בילדעריש; מיט בילדער, מיט אילוסטראציאנען.

picto'rially *adv.* (פיק-טאו'-רי-על-אי) אויף א מאלערישען, בילדערישען אדער אילוסטרירטען שטייגער.

pictor'ic *a.* (פיק-טאר'-איק) ז. ***pictorial***

pictor'ical *a.* (פיק-טאר'-אי-קעל) ז. ***pictorial***

pic'turable *a.* (פיק'-טשו-רעבל) וואס קען געמאלט ווערען, וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין א בילד.

pic'tural *a.* (פיק'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו בילדער; וואס איז פארגעשטעלט דורך בילדער.

pic'ture *n. and v.* (פיק'-טשור) א בילד, אן אויסגעמאלטע זאך; א פארשטעלונג; א פארטרעט; פארשטעלען אין א בילד; מאלען; שילדערען.

pic'ture-book *n.* (פיק'-טשור-בוק) א בילדער-בוך; אן אילוסטרירטעס בוך.

pic'ture-dea'ler *n.* (פיק'-טשור-דיע'-לער) א בילדער-הענדלער.

pic'ture-draw'er *n.* (פיק'-טשור-דראה'-ער) א מאלער.

pic'ture-draw'ing *n.* (פיק'-טשור-דראה'-אינג) בילדער-מאלעריי.

pic'ture-frame *n.* (פיק'-טשור-פריים) א בילד-ראהם.

pic'ture-gal'lery *n.* (פיק'-טשור-געל'-ע-רי) א בילדער-גאלעריע, א בילדער-זאאל.

pic'ture-room *n.* (פיק'-טשור-רוהם) ז. ***picture-gallery***

picturesque' *a.* (פיק-טשו-רעסק') מאלעריש, בילדעריש-שעהן, רייצענד, ראמאנטיש.

picturesque'ly *adv.* (פיק-טשו-רעסק'-לי) אויף א מאלערישען, שעהנעם, אנציהענדען אופן.

picturesque'ness *n.* (פיק-טשו-רעסק'-נעס) דאס זיין בילדעריש-שעהן; דאס זיין מאלעריש, אנציהענד.

pic'ture-wri'ting *n.* (פיק'-טשור-ראי'-טינג) דאס פארשטעלען געדאנקען און אידעען דורך בילדער און סימבאלישע צייכנונגען.

pic'ulet *n.* (פיק'-יו-לעט) א מין האלץ-פיקער [אזא פויגעל].

pid'dle *v.* (פידל) זיך בעשעפטיגען מיט קלייניגקייטען; לאזען אוריז, פישען [א קינדישער אויסדרוק].

pid'dler *n.* (פיד'-לער) איינער וואס גיט זיך אב מיט קלייניגקייטען.

pid'dling *a.* (פיד'-לינג) וואס גיט זיך אב מיט קלייניגקייטען; קליין, אונבעדייטענד.

Pidg'in-Eng'lish *n.* (פידזש'-אינ-

אינג'-ליש) אין ענגלישער זשארגאן וואס איז צוזאמענגעמישט מיט כינעזישע, פארטוגעזישע און מאלאאישע ווערטער. ווערט געברויכט אין די פארטען און האנדעלסשטעדט פון כינא און וויטען מזרח.

pie *n.* (פאי) א פאשטעט [א טייג־געבעק געפילט מיט פרוכט]; טארט; א סאראקע, א קראהע [א מין פויגעל]; צומישטע דרוק־שריפט; די קלענסטע קופערנע מטבע אין ענגליש־אינדיען.

pie'bald *a.* (פאי'-באהלד) פערשיעדען־פארביג [ווענען דעם קאליר פון א פערד]; אויסגעמישט, פערשיעדענארטיג; פון פערשיעדענע מינים.

piece *n. and v.* (פיעס) א שטיק, א שטיקעל; אן אבגעבראכענער טייל, א ברעקעל; אן אבטיילונג; א מוסטער, א בילד פון עפעס; א מטבע; א ביקס; אן ארטיסטיש אדער ליטעראריש ווערק; א בעזונדער שטיקעל ארבייט; א שטיק לאנד; א פעשקע [אין שאך אדער דאמקעס־שפיעל]; פעראייניגען, צוזאמענבינדען; גאנץ מאכען; פערלאטען; פעררירכטען.

piece'-bro'ker *n.* (פיעס'-בראו'-קער) איינער וואס קויפט אויף ביי שניידער די רעשטלעך און אבפאל־שטיקלעך פון געוואנד.

pieced *a.* (פיעסט) פערלאטעט, גאנץ געמאכט; פעררירכט.

pièce de résistance' (פיעים דע ריי-זיס-טאנס') דאס וויכטיגסטע שטיק, די הויפטזאך פון עפעס.

piece'-dyed *a.* (פיעס'-דאיד) געפארבט אין שטיק [ווענען צייג, וועלכען מען האט געפארבט שוין נאך'ן וועבען].

piece'-goods *n.* (פיעס'-גודז) שטיקווארע [צייג, וועלכע מען פערקויפט אין גאנצע געוועבטע שטיקער, ניט אבשניידענדיג פון זיי].

piece in (פיעס אין) איינזעצען, איינפאסען.

piece'less *a.* (פיעס'-לעס) ניט געמאכט פון בעזונדערע שטיקער; גאנץ, פון איין שטיק.

piece'meal *a. and adv.* (פיעס'-מיעל) אין שטיקער: פון בעזונדערע טיילען; שטיקלעכווייז, ביסלעכווייז; שטופענווייז.

piece of eight (פיעס אוו אייט) דער שפאנישער דאלאר [ענטהאלט 8 רעאלען].

piece out (פיעס אוט) אויסבילדען אדער פערלענגערען עפעס, צוגעבענדיג א שטיק צו א שטיק.

They found it hard to **piece out** the garment.

pie'cer *n.* (פיע'-סער) אין א שפין־פאבריק — א איינגעל אדער מיידעל, וואס בינדט צונויף די פאנאנדערגעריסענע פאדים.

piece up (פיעס אפ) אויסלאטען, פעררירכטען עפעס; אויסבילדען עפעס פון צונויפגעלעגטע שטיקלעך.

peice'-work *n.* (פיעס'-הוואירק) שטיקארבייט.

piece'-wor'ker *n.* (פיעס'-הוואיר'-קער) א שטיק־ארבייטער [אן ארבייטער וואס בעקומט זיינע שכירות ניט פון טאג אדער וואך, נאר פון שטיק].

pie'-crust *n.* (פאי'-קראסט) די אויבערשטע פערהארטעוועטע קארקע [סקארינקע] פון א פאשטעט.

pied *a.* (פאיד) פערשיעדען־פארביג, פערשיעדען־פארביג געפלעקט; געפלעקט.

pied'-fort' *n.* (פיעי'-פאהר') א פורעם אדער מאדעל פון א מטבע וואס איז דיקער ווי די געוועהנליכע מטבעות פון דעמזעלבען מין, וועלכע זיינען אין געברויך.

Piedmontese' *a. and n.* (פיעד-מאנ-טיעז') פיעמאנטעזיש, וואס איז שייך צו פיעמאנט [א געגענד אין איטאליען]; וואס איז שייך צו א געגענד ביי בערג; א פיעמאנטעזער.

pied'ness *n.* (פאיד'-נעס) פערשיעדענפארבינקייט; געפלעקטקייט.

piedouche' *n.* (פיעי-דוהש') א לייסט, אן אונטערלאגס־שטיצע אין א וואנד אדער פעדעסטאל פאר א ביוסט, פאר אן ארנאמענט א. ז. וו.

piedroit' *n.* (פיעי-דרוא') אין ארכיטעקטור — א פיער־קאנטיגע קאלאנע אין פראנט פון א וואנד, וואס האט ניט אונטער זיך קיין פעדעסטאל.

pie'-finch *n.* (פאי'-פינטש) דער בוכפינק, זיאבליק [אזא זינג־פויגעל]. ז. *chaffinch*

pie'-mag (פאי'-מעג) אן עלסטער, א סאראקע. ז. *magpie*

pie'man *n.* (פאי'-מען) א בעקער אדער הענדלער פון פאשטעטען אדער פרוכט־קוכענס.

pie'-nan'ny *n.* (פאי'-נעג'-אי) אן עלסטער, א סאראקע. ז. *magpie*

pie'-plant *n.* (פאי'-פלענט) גארטען־רעבארבער [א מין זיסע פלאנצע וואס מען געברויכט אין פאשטעט]. ז. *rhubarb*

pie'poudre *n.* (פאי'-פאו-דער) ז. *piepowder*

pie'powder *n.* (פאי'-פאו-דער) א פארצייטיגער מארק אדער יאריד־געריכט אין ענגלאנד [בלויז פאר קלאגען וואס האבען געהאט א שייכות מיט'ן יאריד].

pie'powdered *a.* (פאי'-פאו-דערד) מיט פערשטויבטע פיס.

pier *n.* (פיער) א האפען־וואנד, א האפען־דאמבע, א לאנדונגס־פלאץ; א זייל, א סלופ [אויף וועלכען מען הייננט אויף א טהיר, א שטיץ־זייל ביי א בריק א. ז. וו.]; א פעררירכטונג פעסטצוהאלטען פיזיקאלישע אינסטרומענטען [אין לאבאראטאריעס און אבזערוואטאריעס]; א טייל פון א וואנד צווישען צוויי טהירען אדער צוויי פענסטער.

pier'age *n.* (פיער'-איידזש) דאס־געלד, האפען־געלד [אבצאהל פאר'ן רעכט זיך צו בענוצען מיט א האפען־דאמבע אדער לאנדונגס־פלאץ].

pierce *v.* (פיערס) 1. דורכשטעכען; דורכבויערען, דורכדרינגען; איינדרינגען; 2. דורכנעהמען, ריהרען, ארויסרופען געוויסע געפיהלען.

2. His speech **pierced** the heart of all who heard him.

pier'ceable *a.* (פיער'-סעבל) דורכדרינגליך, וואס קען דורכגעדרונגען ווערען אדער דורכגעשטאכען ווערען; וואס קען געריהרט ווערען [פון געפיהלען].

pierced *a.* (פיערסט) דורכגעשטאכען, דורכגעדרונגען; געלעכערט; געריהרט [פון געפיהלען].

pierced work (פיערסט הוואירק) בעפוצונגען אדער ארנאמענטען וואס דער מוסטער איז געמאכט אין אויסגעשטאכענע לעכלעך.

pier'cel *n.* (פיער'-סעל) א פעסעל־בויערער [אן אינסטרומענט צו מאכען לעכער אין פעסלעך].

pier'cer *n.* (פיער'-סער) אן איינדרינגער; א דורכבויערער, איינער וואס שטעכט דורך אדער בויערט דורך; אן אינסטרומענט צו בויערען אדער דורכשטעכען; א בויערער, א דריל; דער שטאכעל ביי אינזעקטען.

pier'cing *n. and a.* (פיער'-סינג) 1. דורכדרינגונג, דורכשטעכונג; דאס אויסזעגען א מוסטער אדער אוזאר אין מעטאל; 2. דורכשטעכענד; 3. דורכדרינגענד; שארף; 4. ריהרענד.

3. Piercing eyes. 4. A piercing cry.

pier'cingly *adv.* (פיער'-סינג-לי) שארף, דורכדרינגענד.

pier'cingness *n.* (פיער'-סינג-נעס) דורכדרינגליכקייט, שארפקייט.

pier'cing-saw *n.* (פיער'-סינג-סאה) א גאלדשמיעד־זעגעל געברויכט ביים אויסזעגען מוסטערען אדער אוזארען אין גאלד און זילבער.

pier'-glass *n.* (פיער'-גלעס) א טריומא, א שפיעגעל וואס פערנעהמט די גאנצע וואנד צווישען צוויי פענסטער.

pie'-rhu'barb *n.* (פאי'-רוה'-בארב) גארטען־רעבארבער. ז. *rhubarb*

pier'-ta'ble *n.* (פיער'-טיי'בל) א טיש וואס שטעהט צווישען צוויי פענסטער.

pi'et *n.* (פאי'-עט) אן עלסטער, א סאראקע. ז *magpie*

Pi'etism *n.* (פאי'-ע-טיזם) פיעטיזם [די רעליגיעזע בעוועגונג פון 17טען יאהרהונדערט אין דייטשלאנד נעגען דעם דאגמאטיזם פון דער לוטעראנישער קירך. די שטרעבונג פון די פיעטיסטען איז געווען אריינצוברייננען אין דער קירך מעהר לעבען, אויפהויבונג פון רעליגיעזען געפיהל און גאטספארכטינקייט וואס קומט פון הארצען].

pi'etism *n.* (פאי'-ע-טיזם) פיעטיזם, פרומקייט, גאטספארכטינקייט; צביעות, כלומר'שדיגע פרומקייט.

Pi'etist *n.* (פאי'-ע-טיסט) א פיעטיסט. ז. *Pietism*

pi'etist *n.* (פאי'-ע-טיסט) א פיעטיסט, א פרומער, א גאטספארכטינער.

Pietis'tic *a.* (פאי-ע-טיס'-טיק) פיעטיסטיש. ז. *Pietism*

pietis'tic *a.* (פאי-ע-טיס'-טיק) פיעטיסטיש, פרום, גאטספארכטיג.

Pietis'tical *a.* (פאי-ע-טיס'-טי-קעל) ז. *Pietistic*

pietis'tical *a.* (פאי-ע-טיס'-טי-קעל) ז. *pietistic*

pi'ety *n.* (פאי'-ע-טי) 1. פיעטעט, פרומקייט, גאטספארכטינקייט; 2. איבערגעבענהייט, ליעבע [צו עלטערען, צום פאטערלאנד א. ד. ג.]

2. Filial **piety** is a natural virtue.

piezom'eter *n.* (פאי-ע-זאמ'-ע-טער) א פליסינקייטס־דרוק־מעסטער [אן אפאראט צו מעסטען אויף וויפיעל פערשיעדענע פליסינקייטען קענען איינגעפרעסט ווערען]

pif'fero *n.* (פיפ'-ע-ראו) א מוזיקאלישער אינסטרומענט ענליך צו א פלייט וואס ווערט געברויכט אין געוויסע געגענדען אין איטאליען און טיראל.

pif'fle *v. and n.* (פיפל) טהאן עפעס פויל, פוילענצען: ריידען נארישקייטען; נארישקייטען; פלוידעריי.

All this talk is **piffle**.

pif'fler *n.* (פיפ'-לער) איינער וואס פערברייננט די צייט אין נארישקייטען; א פלוידערער.

pif'fling *a.* (פיפ'-לינג) אונוויכטיג; נאריש.

pig *n. and v.* (פיג) א חזיר [הויפטזעכליך א יונגער]; חזיר־פלייש; א בלאק, א שטיק מעטאל; א געוויכט פאר בליי

[פון 301 פונט]; נעבעהרען חזירים'לעך; לעבען אדער האנדלען ווי חזירים.
pig'-deer *n.* (פיג'-דיער) דער הארז; שווייז, דער ווילדער אסט-אינדישער חזיר. ז. *horned hog*
pig'eon *n. and v.* (פידזש'-אן) א טויב; א נאר; א תם, איינער וועמען עס איז לייכט צו בעשווינדלען; אבנארען, בעשווינדלען [הויפטזעכליך אין קארטענ שפיעלען].
pig'eon-breast *n.* (פידזש'-אן-ברעסט) א ברוסט פון א טויב; א טויבען-ברוסט [אוננארמאל ארויסגעבויגענע ברוסט-ביינער].
pig'eon-breas'ted *a.* (פידזש'-אן-ברעס-טעד) מיט אוננארמאל-ארויסגעבויגענע ברוסט-ביינער.
Pig'eon-Eng'lish *n.* (פידזש'-אן-אינג'-ליש) ז. *Pidgin-English*
pig'eon-express' *n.* (פידזש'-אן-עקס-פרעס') א טויבען-פאסט [בריעף געשיקט דורך טויבען].
pig'eon-fan'cier *n.* (פידזש'-אן-פענ'-סי-ער) א טויבען-ציכטער, איינער וואס האלט אדער האדעוועט טויבען.
pig'eonfoot *n.* (פידזש'-אן-פוט) נערא-ניום [א מין בלום].
pig'eon-goose *n.* (פידזש'-אן-גוהס) אזא אויסטראלישע גאנז.
pig'eon-hawk *n.* (פידזש'-אן-האהק) אזא קליינער פאלק-פויגעל [סאקאל].
pig'eon-hear'ted *a.* (פידזש'-אן-האר'-טעד) שרעקעדיג.
pig'eonhole *n. and v.* (פידזש'-אן-האול) 1. אן עפענונג אין א טויבען-שטיבעל; 2. אן אבטיילונג פאר בריעף [ווי אין א שרייב-טיש]; א פלאץ צום אוועקלעגען אין דער לאנגער באנק; 3. א לאך אין אן אויוון ארויסצולאזען די גאזען; א לאך אין דעם דעק פון א פארב-קעסטעל; 4. אין דרוקעריי — א צו ווייטע פאנאנדערטיילונג פון ווערטער; אוועקלעגען אין א בריעף-אבטיילונג [ווי למשל, פון א שרייב-טיש]; אוועקלעגען אן א זייט, אבלעגען אויף שפעטער; פערשטופען אין א לאך, אוועקלעגען אין דער לאנגער באנק.
2. My application for the position is resting in a pigeonhole.
pig'eonholed *a.* (פידזש'-אן-האולד) געמאכט מיט לעכער [ווי אין אן אויוון אדער פארב-קעסטעל]. ז. *pigeonhole*
pig'eonholes *n.* (פידזש'-אן-האולז) א מין אלטעס ענגלישעס טיוואלי-שפיעל [א מין ביליארד-שפיעל].
pig'eon-house *n.* (פידזש'-אן-האוס) א טויבען-שטיבעל, א טויבען-שלאג.
pig'eon-liv'ered *a.* (פידזש'-אן-ליוו'-ערד) זאנפט, זאנפטמיטיג, אהן א גאל.
pig'eon-match *n.* (פידזש'-אן-מעטש) א ספארט פון שיסען טויבען [וועלכע ווערען ארויסגעלאזט פון שטייגען].
pig'eon-pair *n.* (פידזש'-אן-פעהר) א פאר פון ביידע געשלעכטער.
pig'eon-pea *n.* (פידזש'-אן-פיע) אנגא-לא-ארבעס אדער קאנגא-פאסאליעס [אזא אסט-אינדישער קוסט].
pig'eonry *n.* (פידזש'-אן-רי) אן ארט וואו מען האלט טויבען; א טויבען-שלאג.
pig'eon's-blood *n.* (פידזש'-אנז-בלאד) דער קאליר פון א טונקעלען רובין [אזא ערעלשטיין]. ז. *ruby*
pig'eon's-grass *n.* (פידזש'-אנז-גרעס) אייזען-קרויט, אייזען-גראז. ז. *vervain*
pig'eon's-milk *n.* (פידזש'-אנז-מילק) פויגעל-מילך [עטוואס אונמעגליכעס].
pig'eontail *n.* (פידזש'-אן-טייל) ז. *pintail duck*
pig'eon-toed *a.* (פידזש'-אן-טאוד) מיט פיס ווי ביי טויבען; מיט אריינגעבויגענע פיס-פינגער.
pig'eonwing *n.* (פידזש'-אן-הווינג) אזא מין הארפריזור ביי מענער אין ענדע פון 18טען יאהרהונדערטס; אזא פארוק; אזא בויגענארטיגע שנעלע בעוועגונג אין טאנצען, גליטשען-זיך א. ז. וו.
pig'eonwood *n.* (פידזש'-אן-הוואוד) טויבען-האלץ, טויבען-בוימער [א נאמען פון פערשיעדענע בוימער, ווי פון א געוויסען מין קארקען-בוים, זעבראה-בוים א. ז. וו., וועלכע דערמאנען מיט זייער קאליר אן דער פארב פון טויבען-פעדערען].
pig'-eyed *a.* (פיג'-איד) מיט חזיר'שע אויגען [מיט קליינע איינגעזונקענע ווי פערגלעזערטע אויגען].
pig'-faced *a.* (פיג'-פייסט) וואס זעהט אויס ווי א חזיר; מיט א חזיר'שען פנים.
pig'-fish *n.* (פיג'-פיש) א פיש וואס גיט ארויס א קלאנג עהנליך צום כריוקען פון א חזיר [ווי למשל, דער גרונץ-פיש]. ז. *grunt*
pig'foot *n.* (פיג'-פוט) אזא פיש פון רויטליך-ברוינעם קאליר, שווארץ געפלעקט [האלט זיך אויף אין מיטעללענדישען ים].
pig'-foot'ed *a.* (פיג'-פוט'-עד) וואס האט פיס עהנליך צו די פיס פון א חזיר.
pig'gery *n.* (פיג'-ע-רי) א חזיר-שטאל.
pig'gie *n.* (פיג'-אי) ז. *piggy*
pig'gin *n.* (פיג'-אין) א הילצערנער אדער לייםענער קרוג אדער שעפעל.
pig'gish *a.* (פיג'-איש) חזיר'ש, שווייניש; אונרייז; פרעסעריש, זשעדנע, גיעריג.
pig'gishness *n.* (פיג'-איש-נעס) חזיר'ישקייט; אונריינקייט; זשעדנעקייט, גיעריגקייט.
pig'gy *n.* (פיג'-אי) א חזיר'על.
pig'gy-wig'gy *n.* (פיג'-אי-הוויג'-אי) ז. *piggy*
pig'-head'ed *a.* (פיג'-העד'-עד) דום, נאריש; נאריש פער'עקשנ'ט.
pig'-head'edly *adv.* (פיג'-העד'-עד-לי) אויף א דומען אדער נאריש-פער'עקשנ'טען אופן.
pig'-head'edness *n.* (פיג'-העד'-עד-נעס) דומהייט; נארישע איינגעשפארטקייט.
pig'-hole *n.* (פיג'-האול) א זייטיגע עפנונג אין א שמעלץ-אויווען ארייננצונעהמען אייזען צום שמעלצען.
pig in a bag (פיג אין ע בעג) ז. *pig in a poke*
pig in a poke (פיג אין ע פאוק) "א קאץ אין א זאק".
pig'-i'ron *n.* (פיג'-אי'-ערן) רויה-אייזען, משוגו, גוס-אייזען אין שטיקער.
pig'-lead *n.* (פיג'-לעד) בליי אין שטיקער.
pigme'an *a.* (פיג-מי'-ען) פיגמייאיש, ווי א פיגמיי [קארליק]; קליין, קליינליך.
pig'ment *n.* (פיג'-מענט) פארב, פארב-שטאף; פיגמענט [אין ביאלאגיע — א שטאף וואס גיט צו א געוויסען קאליר דעם צעללען-געוועב פון חיות און פלאנצען].
pig'mental *a.* (פיג'-מענ-טעל) וואס ענטהאלט אין זיך פיגמענט, וואס ברייננט ארויס פיגמענט, וואס איז שייך צו פיגמענט. ז. *pigment*
pig'mentary *a.* (פיג'-מענ-טע-רי) ז. *pigmental*
pig'mentary degenera'tion (פיג'-מענ-טע-רי די-דזשענ-ע-ריי'-שאן) א קראנקהאפטער צושטאנד, ווען אין קערפער ווערט פראדוצירט צופיעל פיגמענט [פארב-שטאף אין דעם צעללען-געוועב].
pigmenta'tion *n.* (פיג-מענ-טיי'-שאן) פארבונג דורך פיגמענט; א קראנקהאפטער איבערפלוס פון פיגמענט. ז. *pigment*
pig'ment-cell *n.* (פיג'-מענט-סעל) א צעלע וואס טיילט אויס פיגמענט [פארב-שטאף אין דעם צעללען-געוועב פון חיות און פלאנצען]; א צעלע וואס ענטהאלט פיגמענט.
pig'mented *a.* (פיג'-מענ-טעד) געפארבט, קאלירט; אנגעזאפט מיט פיגמענט. ז. *pigment*
pig'ment-prin'ting *n.* (פיג'-מענט-פרינ'-טינג) פארבען-דרוק אויף געוועבטע שטאפען [הויפטזעכליך אויף ציץ].
pig'-met'al *n.* (פיג'-מעט'-על) מעטאל אין שטיקער.
pig'my *n. and a.* (פיג'-מי) ז. *pygmy*
pig'nerate *v.* (פיג'-נע-רייט) פער'משכונ'ען, געבען א משכון; נעהמען א משכון.
pig'norate *v. and a.* (פיג'-נא-רייט) פער'משכונ'ען, געבען א משכון; נעהמען א משכון; וואס פער'משכונ'ט.
pignora'tion *n.* (פיג-נא-ריי'-שאן) דאס אוועקגעבען אין משכון; דאס פערכאפען פרעמדע בהמות וואס האבען אנגעטהאן שאדען און פערהאלטען זיי ביז מען צאהלט אב פאר'ן היזק וואס זיי האבען אנגעמאכט.
pig'norative *a.* (פיג'-נא-ריי-טיוו) וואס פער'משכונ'ט.
pig'nus *n.* (פיג'-נאס) א משכון.
pig'nut *n.* (פיג'-נאט) דער ברוינער אמעריקאנער וואלנוס-בוים; די פרוכט פון דיעזען בוים [ז. *hickory*]; דער ערד-נוס; דער ברויט-נוס [אזא וועסט-אינדישער און זיד-אמעריקאנישער נוס].
pig'-pen *n.* (פיג'-פען) א חזיר-שטאל.
pig'sconce *n.* (פיג'-סקאנס) א דומקאפ, א נארישער עקשן.
pigs in blan'kets (פיגז אין בלענ'-קעטס) געפערגעלטע אויסטערס וואס זיינען איינגעוויקעלט אין שטיקלעך חזיר-פלייש.
pig'skin *n.* (פיג'-סקין) חזיר-פעל; עטוואס געמאכט פון חזיר-פעל; א זאטעל.
pig'-stick'er *n.* (פיג'-סטיק'-ער) א חזירים-קצב; א יעגער אויף ווילדע חזירים; אזא טאשען-מעסער מיט א לאנגען קלינגעל.
pig'-stick'ing *n.* (פיג'-סטיק'-אינג) דאס קוילענען חזירים; יאגד אויף ווילדע חזירים.
pig'sty *n.* (פיג'-סטאי) א חזיר-שטאל.
pig's whis'per (פיגז הוויס'-פער) דאס שעפטשען, שושקען; א קורצער אויגענבליק.
pig'tail *n.* (פיג'-טייל) א חזיר'שער עק; א צאפ; א מאן וואס טראגט א צאפ [ווי עס איז געווען די מאדע פאר צייטענס]; צוזויפגעדרעהטער טאבאק.
pig'tailed *a.* (פיג'-טיילד) וואס האט א חזיר'שען עק; וואס טראגט א צאפ [ווערגען מענער]. ז. *pigtail*
pi'ka *n.* (פאי'-קא) א מין גריזשענד חיה'לע אהן אן עק [גרויס ווי א ראץ].
pi'ka-squir'rel *n.* (פאי'-קא-סקוואר'-על) א שינשילע. ז. *chinchilla*
pike *n. and v.* (פאיק) ז. א העכט

איל.]; א פיקע, א שפיז; א שפיץ; א שפיץ פון א בארג; א שלאנגבוים, א ראגאטקע; א וועג אדער שאסע, וואו מען דארף צאהלען פאר דורכפאהרען; דער שטיפט אויף וועלכען עס דרעהט זיך די זאך וואס מען טאקט אדער דרעקסעלט; שנעל געהן.

Pike

piked *a.* (פאיקד) שפיציג, צוגעשפיצט.

piked staff (פאיקד סטעף) ז. ***pikestaff***

pike'head *n.* (פאיק'-העד) דער שפיץ פון א פיקע; א פיש מיט א פערשפיצטען קאפ.

pike'-head'ed *a.* (פאיק'-העד'-עד) מיט א שפיציגען קאפ, ווי א העכט.

pike'-kee'per *n.* (פאיק'-קיע'-פער) א שלאנגבוים-אויפזעהער, א ראגאטקע-אויפזעהער.

pike'man *n.* (פאיק'-מען) פיקע-טרעגער [א סאלדאט וואס איז בעוואפענט מיט א פיקע]; א מינען-גראבער וואס ארבייט מיט א ברעך-שטאנג; א שלאנגבוים-אויפזעהער.

pike'-perch *n.* (פאיק'-פוירטש) דער העכט-בארש [איינער פון עטליכע מינים פיש וואס זיינען ענליך אי צו בארשען אדער אקונעס, אי צו העכט].

pike'-pole *n.* (פאיק'-פאול) א קעקשע, א שטאנג מיט א האקען אויף'ן ענד צו טרייבען געהילץ אויף'ן וואסער.

pi'ker *n.* (פאי'-קער) אן ארומטרייבער, א וואגאבונד, א בראדיאגע; א שווינדלער; א קליינער ספעקולאנט; איינער וואס האנדעלט אדער ספעקולירט אויף קליינגעלד און פארזיכטיג.

pike'staff *n.* (פאיק'-סטעף) א שטעקען מיט אן אייזערנעם שפיץ; א פיקע.



Pilaster

pilaff' *n.* (פי-לאף') פילאוו [א מזרח-אזיאטישער מאכל געקאכט פון רייז מיט פלייש, צימרינג, ראזשינקעס א. ד. ג.].

pi'lar *a.* (פאי'-לאר) וואס איז בעדעקט מיט האר, האריג.

pil'ary *a.* (פיל'-ע-רי) ז. ***pilar***

pilas'ter *n.* (פי-לעס'-טער) א פילאסטער [א פיער-קאנטיגער זייל פון א געביידע].

pilas'tered *a.* (פי-לעס'-טערד) געבויט מיט פיער-קאנטיגע זיילען.

pilau' *n.* (פי-לאה') ז. ***pilaff***

pil'chard *n.* (פיל'-טשארד) א סארדעל אדער סארדינקע [א מין קליין פישעל וואס ווערט געגעסען אלס דעליקאטעסע].



Pilchard

pile *n. and v.* (פאיל) א פאליע, א פערשפיצטער סלופ אדער קלאץ וואס מען שלאגט אריין אין דער ערד; דער שפיץ פון א שפיז אדער פייל; א גרויסע געביידע אדער א מאסע מויערען; א הויפען, א קופע; א גרויסע קופע האלץ, אויף וועלכער מען פלעגט פערברענען א טויטען; א פיראמידע; אין עלעקטריציטעט — דער גאלוואנישער זייל [א סעריע פון פלאטען, וואס זיינען געלעגט געווארען פארווייז, א קופערנע און צינקענע, איינע אויף די אנדערע]; א סך געלד; די האר, די וואל אדער דער פוך פון א חיה; די פיבערען אדער פאזערען [ווי פון פלאקס א. ד. ג.]; שלאגען פאליעס, אריינשלאגען קלעצער אין דער ערד; צוזאמאכען א שפיציגען ענדער צו א שפיז אדער פייל; אנהויפען, אנווארפען; צוזאמענלעגען אין קופעס אדער הורבעס; אנזאמלען; מאכען האריג אדער פוכיג.

pile arms (פאיל ארמז) — אין מיליטער צוזאמענשטעלען די ביקסען ווי א פיראמידע.

pil'eate *a.* (פיל'-אי-אייט) אין באטאניק — וואס האט די פארם פון א היטעל [ווי דאס קעפעל פון שוועמלעך].

pil'eated *a.* (פיל'-אי-איי-טעד) אין באטאניק — וואס איז בעדעקט ווי מיט א היטעלע; אין זאאלאגיע — וואס האט א קאם אדער א פעדערען-טשוב אויף'ן קאפ [ווענען געוויסע פויגלען].

pile'-bridge *n.* (פאיל'-ברידזש) א יאך-בריק, א בריק אויף אריינגעשלאגענע קלעצער.

pile'-buil'der *n.* (פאיל'-ביל'-דער) איינער וואס בויט זיין וואהנונג אויף פאליעס אדער סלופעס [ווענען געוויסע פארצייטיגע ווילדע פעלקער, וועלכע פלעגען בויען זייערע הייזלעך אויף סלופעס אין מיטען א ברייטען טייך אדער אזיערע].

piled *a.* (פאילד) וואס האט א צוגעשטעלטען שפיץ [ווי א שפיז אדער פייל]; וואס האלט זיך אויף פאליעס אדער סלופעס.

pile'-dri'ver *n.* (פאיל'-דראי'-ווער) א מאשין אריינצושלאגען קלעצער אין דער ערד.



Pile-driver

pile'-dwell'ing *n.* (פאיל'-דוועל'-אינג) א הייזעל אדער וואהנונג אויפגעבויט אויף סלופעס [ספעציעל ביי געוויסע פארצייטיגע ווילדע פעלקער, וועלכע פלעגען בויען זייערע וואהנונגען אין מיטען פון טייכען און אזיערעס].

pile'-en'gine *n.* (פאיל'-ענ'-דזשין) ז. ***pile-driver***

pile'-hoop *n.* (פאיל'-הופ) אן אייזערנער רייף וואס מען טהוט אן אויף א סלופ בעת מען שלאגט איהם אריין אין דער ערד אום ער זאל זיך ניט צושפאלטען פון קלאפען איבער איהם.

pile on (פאיל אן) אנהויפען, אנווארפען הורבעס אדער קופעס.

pi'leous *a.* (פאי'-לי-אס) בעדעקט מיט האר; האריג.

pile'-plank *n.* (פאיל'-פלענק) איינע פון די פאליעס אדער קלעצער, וואס ווערען אריינגעשלאגען אין גרונט פון א טייך, ים אדער אזיערע ביים בויען א קאפער-דאם. ז. ***coffer-dam***

pi'ler *n.* (פאי'-לער) איינער וואס לעגט אן קופעס אדער הורבעס.

piles *n.* (פאילז) העמאראאידען, מערידען [א קראנקהייט אין הינטער-לייב, וועלכע בעשטעהט אין אן אויסברייטונג פון די בלוט-געפעס].

pil'eum *n.* (פיל'-אי-אם) דער אויבערשטער טייל פון קאפ ביי פויגלען, וואו עס וואקסט דער קאם אדער די קאפ-פעדערען.

pile up (פאיל אפ) אנהויפען, מאכען קופעס.

pil'eus *n.* (פיל'-אי-אס) א שפיציג היטעלע פון וואילאק אדער פילץ ביי די אלטע רוימער; דאס רונדע קעפעל פון געוויסע פלאנצען, ווי ביי שוועמלעך.

pile'-wea'ving *n.* (פאיל'-וויע'-ווינג) סאמעט-וועבעריי, דאס וועבען צייג אזוי, עס זאל זיין האריג.

pile'-wire *n.* (פאיל'-וואיר) דאס דראט וואס ווערט בענוצט אין וועבען האריגע צייג, ווי סאמעט, פליוש א. ד. ג.

pile'work *n.* (פאיל'-וואירק) בוי-ארבייט אויף פאליעס אדער קלעצער וואס זיינען אריינגעשלאגען אין דער ערד.

pile'-worm *n.* (פאיל'-וואירם) א ווארים אדער מאלוסק, וועלכער גראבט זיך איין אין קלעצער וואס זיינען אריינגעשלאגען אין גרונט פון ים אדער פון א טייך.

pile'-worn *a.* (פאיל'-וואורן) אבגעטראגען אזוי, דאס די האר [פון סאמעט, פליוש א. ד. ג.] האט זיך אבגעריבען און עס זעהען זיך ארויס די פעדים פון געוועב.

pile'wort *n.* (פאיל'-וואירט) ברויז-ווארצעל אדער פייגען-ווארצעל [א מין פוטער-בלום]. ז. ***figwort***

pil'fer *v.* (פיל'-פער) גנב'ענען, צונעהמען קליינינקייטען; לאטשענען, אוועקשלעפען פון אונטער דער האנד.

pil'ferer *n.* (פיל'-פער-ער) א גנב וואס גנב'עט קליינינקייטען.

pil'fering *n.* (פיל'-פער-אינג) ז. ***pilfery***

pil'feringly *adv.* (פיל'-פער-אינג-לי) גנביש, מעשה גנב, ווי א גנב וואס גנב'עט קליינינקייטען.

pil'fery *n.* (פיל'-פער-אי) דאס גנב'ענען קליינינקייטען; א גע'גנב'עטע קליינינקייט.

pilgar'lick *n.* (פיל-גאר'-ליק) איינער וואס איז געווארען פליכעוואטע פון א

קראנקהייט; א צרה'דינער, פּראוונגליק־ליכטער מענש.

pil'grim *n., a. and v.* (פיל'-גרים) א פילגרים, איינער וואס וואנדערט צו א הייליגען ארט מתפלל זיין דארטען; אין אמעריקאנער געשיכטע — איינער פון די ענגלישע נאנקאנפארמיסטען, וועלכע זיי־נען געקומען אין 1620 קיין אמעריקא און האבען געגרינדעט די ערשטע קאלאניע פון די ניי־ענגלאנד־שטאאטען; א ניי־געקומע־נער מענש; וואס איז שייך צו א פילגרים אדער הייליגען וואנדערער; עולי לרגל זיין, וואנדערען צו א הייליגען ארט.

pil'grimage *n.* (פיל'-גרי-מעדזש) דאס וואנדערען צו א הייליגען ארט; דאס עולי־לרגל זיין; דאס דורכגעהן דעם לעבענס־וועג.

pil'grimer *n.* (פיל'-גרי-מער) א פיל־גרים. ז. ***pilgrim***.

pil'grimize *v.* (פיל'-גרי-מאיז) וואנדע־רען ווי א פילגרים. ז. ***pilgrim***.

pil'grim's staff (פיל'-גרימז סטעף) דער וואנדערער־שטעקען.

pilif'erous *a.* (פאי-ליפ'-ע-ראס) וואס איז בעדעקט מיט האר [וועגען פלאנצען אדער חיות].

pi'liform *a.* (פאי'-לי-פארם) האר־פאר־מיג, ווי האר.

pilig'erous *a.* (פאי-לידזש'-ע-ראס) ז. ***piliferous***.

pi'ling *n.* (פאי'-לינג) דאס אריינשלא־גען פאליעס אדער קלעצער; בוי־ארבייט אויף פאליעס אדער אריינגעשלאגענע קלעצער; אין וועבערייען — דאס מאכען צייג בעדעקט ווי מיט האר אדער פוך; אין לערער־ארבייט — דאס מאכען שוויצען א פעל, אז די האר זאל אויסקריכען.

pill *n. and v.* (פיל) א פיל; עפּעס וואס איז אונאנגענעהם צו דערשלינגען; אן אונ־אנגענעהמליכקייט, אן ערביטערונג; אן עקעלהאפטער מענש; געבען פילען; פער־באלאטירען, פערווארפען מיט שווארצע גאלקעס [וועגען א פארגעשלאגענעם נייעם מיטגליעד אין א קלוב].

pillaffe' *n.* (פי-לאף') פילאוו. ז. ***pilaff***.

pil'lage *v. and n.* (פיל'-עדזש) רוי־בען, פלינדערען; רויב; פלינדערונג.

pil'lager *n.* (פיל'-ע-דזשער) א רויבער, א פלינדערער.

pil'lar *n.* (פיל'-אר) א זייל; א שטיצע, א שפּארע, אן אונטערשפּארונג; עפּעס וואס דיענט אלס א שטיצע אדער שפּארע [ווי אין א קויהלען־שאכטע — א זייל פון צונויפגעלעגטע קויהלען וואס שטיצט אונטער די סטעליע אדער דעם געוועלב פון דער שאכטע]; איינער אדער עפּעס וואס האלט אויף אדער שטיצט אונטער א געוויסע זאך.

pil'lar-box *n.* (פיל'-אר-באקס) דאס פאסט־קעסטעל וואס איז צוגעשלאגען צו אן אייזערנעם גאסען־סלופּ.

pil'lared *a.* (פיל'-ארד) מיט זיילען, אונטערגעשטיצט מיט זיילען; זיילען־פערמיג.

pil'laring *n.* (פיל'-אר-אינג) דאס אונ־טערשטיצען מיט זיילען; א צייל פון זיי־לען; א סיסטעם אדער מעטאדע פון אויס־שטעלען זיילען.

pil'larist *n.* (פיל'-אר-איסט) איינער פון א קלאס קריסטליכע מאנאכען אדער פרושים פון 5טען און 6טען יאהרהונדערט, וועלכע פלעגען זיך אבזונדערען פון דער וועלט און אויפהאלטען זיך אויף די שפּי־צען פון הויכע זיילען.

pil'lar of the state (פיל'-אר אוו טהי סטייט) דער זייל פון דער מלוכה, דער הויפּט־מענש אויף וועלכען אלץ האלט זיך.

pill'-box *n.* (פיל'-באקס) א פילען־קעס־טעלע, א שאכטעל צו האלטען פילען; הו־מאריסטיש — א מין וועגעל אדער קא־רעטקע.

pil'lion *n.* (פיל'-יאן) א זאטעל־קישען [אין הינטערשטען טייל פון א זאטעל אלס זיץ פאר א צווייטער פערזאן].

pil'lorize *v.* (פיל'-א-ראיז) שטעלען צום שאנד־קלאץ.

pil'lory *n. and v.* (פיל'-א-רי) דער שאנד־קלאץ [א מיטעלאלטערליכער שטראף־אינסטרומענט, וואס איז בעשטא־נען פון א קלאץ מיט צוויי ברעטער, אין וועלכען עס פלעגען אריינגערוקט ווערען דער קאפּ און די הענד פון בעשטראפ־טען]; שטעלען צום שאנד־קלאץ.



Pillory

pil'low *n. and v.* (פיל'-או) א קישען; א צוקאפּענס; מאשעסטער [א מין קעקער באוואלנער צייג]; לעגען אויף א קישען; אונטערלעגען צוקאפּענס, אונטערשפּארען; דיענען אלס קישען.

pil'low-case *n.* (פיל'-או-קייס) א ציך פון א קישען.

pil'low-cup *n.* (פיל'-או-קאפּ) א טרונק בראנפען פאר'ן שלאף.

pil'low-lace *n.* (פיל'-או-לייס) שפּיצען אדער קרוזשעווע, וואס ווערען געהאפטן מיט דער האנד איבער א קישעלע.

pil'low-li'er *n.* (פיל'-או-לאי'-ער) א שלאף־מיץ, א פעפער, א פוילאק.

pil'low-sham *n.* (פיל'-או-שעם) אן אויסגענעהטער אדער אויסגעהאפטער קי־שען־צודעק.

pil'low-slip *n.* (פיל'-או-סליפּ) ז. ***pillow-case***.

pil'lowy *a.* (פיל'-א-אי) ווי א קישען; ווייך; נאכגעביג.

pill'wort *n.* (פיל'-הווירט) א מין וואַ־סער־פלאנצע מיט פאפאראטניק־ענליכע בלעטער און מיט רונדע קעפּעלעך, וואו עס געפינען זיך די ספּארען.

pi'lose *a.* (פאי'-לאוס) האריג, בעדעקט מיט דינע ווייכע האר.

pilos'ity *n.* (פאי-לאס'-אי-טי) האריג־קייט.

pi'lot *n. and v.* (פאי'-לאט) א שטייער־מאן, א לאצמאן, א שיף־פיהרער; אזא דיקער געוואנד פאר מאטראזען־רעק; א בוך מיט רייזע־אנצייגונגען און ריכטונ־גען; א שינען־רייניגער [א פארריכטונג ביי א לאקאמאטיוו אבצורייניגען פון שי־נען פערשיעדענע שטערונגען]; א לאצמאן־פיש [ז. ***pilot-fish***]; דורכפיהרען א שיף [דורך א קאנאל אדער דורך א שטראם]; דורכפיהרען אימעצען אדער עפּעס דורך א שוועריגקייט אדער פערלע־גענהייט.

pi'lotage *n.* (פאי'-לאט-עדזש) דאס דורכפיהרען א שיף; די דיענסט פון א לאצמאן; לאצמאן־געלד [געלד פאר דער דורכפיהרונג פון א שיף].

pi'lot-balloon' *n.* (פאי'-לאט-בע-לוהן') א קליינער לופט־באלאן וואס ווערט ארויסגעשיקט פאר א גרויסען צו בעשטי־מען די ריכטונג און די שטארקייט פון ווינד.

pi'lot-bird *n.* (פאי'-לאט-בוירד) א פויגעל פון די קאראאיבישע אינזלען, רופט זיך אזוי, ווייל זיין ערשיינונג בעווייזט די מאטראזען די נאהנטקייט פון לאנד.

pi'lot-boat *n.* (פאי'-לאט-באוט) דאס לאצמאן־שיפעל [אויף וועלכען א לאצ־מאן פאהרט ארויס צו בעגעגענען אן אנ־קומענדע שיף, אום זי אריינצופיהרען אין האפען].



Pilot-boat

pi'lot-bread *n.* (פאי'-לאט-ברעד) סו־כארעס אדער אויסגעטריקענטע שטיקלעך ברויט וואס מען גרייט אן אויף א שיף אלס פראוויאנט.

pi'lot-cloth *n.* (פאי'-לאט-קלאהטה) א מין גראבער געוואנד, וואס דיענט פאר מאטראזען־רעק.

pi'lot-en'gine *n.* (פאי'-לאט-ענ'-דזשין) א לאקאמאטיוו, וואס מען שיקט ארויס פארויס א צוג, כדי צו זעהן אויף וויפיעל די אייזענבאהן־ליניע איז אין ארדנונג.

pi'lot-fish *n.* (פאי'-לאט-פיש) דער לאצמאן [א מין ים־פיש, וואס שווימט גע־וועהנליך נאך שיפען, ערנעהרענדיג זיך מיט דעם, וואס מען ווארפט ארויס פון שיף. געפינט זיך אין די ימים פון די ווארימע לענדער. אין די אלטע צייט־טען האט מען געגלויבט, אז ער ווייזט די שיפען דעם וועג].



Pilot-fish

pi'lot-house *n.* (פאי'-לאט-האוס) דאס

קליינע שטיבעל אויף דעם דעק פון א שיף פאר דעם שטייערמאן אדער לאצמאן.

pi'lot-jack *n.* (פאי'-לאט-דזשעק) דער פלאג וואס מען הויבט אויף אויף א שיף אלס סיגנאל, אז מען דארף האבען א לאצמאן.

pi'lot-jack'et *n.* (פאי'-לאט-דזשעק'-עט) א מאטראזען-רעקעל.

pi'lot-light *n.* (פאי'-לאט-לאיט) א קליין גאז-פייערעל וואס ברענט שטענדיג נעבען א גרויסען גאז-ברענער און פון וועלכען דער גרויסער ברענער צינדט זיך אן.

pi'lotry *n.* (פאי'-לאט-רי) די לאצמאן-קונסט, דאס קענען זיין א לאצמאן.

pi'lot-snake *n.* (פאי'-לאט-סנייק) אזא אונגיפטיגע שלאנג פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

pi'lous *a.* (פאי'-לאס) בעדעקט אדער בעוואקסען מיט האר; האריג.

pil'pul *n.* (פיל'-פוהל) פלפול, שארפזיניגקייט; קינסטליך ארויסגערופענע פראגען פון תלמוד און מדרשים און דאס מתוכח זיין זיך איבער זיי.

pil'pulist *n.* (פיל'-פו-ליסט) א בעל-מפלפל; איינער וואס איז זיך מתוכח איבער קינסטליך ארויסגערופענע פראגען פון תלמוד און מדרשים.

pilpulis'tic *a.* (פיל-פו-ליס'-טיק) פלפול'דיג, וואס איז שייך צו פלפול. ז. *pilpul*

pil'ula *n.* (פיל'-יו-לא) א פיל.

pil'ular *a.* (פיל'-יו-לאר) וואס איז שייך צו פילען.

pil'ule *n.* (פיל'-יול) א קליינער פיל.

pi'lum *n.* (פאי'-לאם) דער פילום [א מיןווארף-שפיעז ביי די אלט-רוימישע פוס-סאלדאטען]; א קליינער שטאמפ פון א שטייסעל [ביי פארמאצעווטען].

pi'lus *n.* (פאי'-לאס) די קליינע ווייכע הערעלעך, מיט וועלכע עס זיינען בעדעקט געוויסע פלאנצען און חיות.

pimen'ta *n.* (פי-מענ'-טא) ז. *pimento*

pimen'to *n.* (פי-מענ'-טאו) פימענט, אינדישער פעפער [אזא געווירץ]: דאס ביימעל, אויף וועלכען עס וואקסט פימענט.

pimp *n. and v.* (פימפ) א קאדעט, א פאקטאר וואס שטעלט צו פראסטיטוטקעס; א קליין בינטעל ריטער; צושטעלען פראסטיטוטקעס; צונויפפיהרען מיט א פראסטיטוטקע.

pim'pernel *n.* (פימ'-פער-נעל) א מין גראז פון די צפון-געגענדען פון אייראפא און אזיען. דאס גראז האט רונדע רויטע בליהונגען, וועלכע פערמאכען זיך ביי א שלעכטען וועטער.

pim'pinel *n.* (פימ'-פי-נעל) ז. *pimpernel*

pim'ping *a.* (פימ'-פינג) קליין; אונבעדייטענד, ניט וויכטיג; קרענקליך.

pim'ple *n. and v.* (פימפל) א בלעזעל, א קרעצעל, א פרישטשיק; בעדעקען אדער אויסשיטען מיט פרישטשיקעס.

pim'pled *a.* (פימפלד) מיט בלעזלעך, מיט קרעצלעך אדער פרישטשיקעס.

pimp'-like *a.* (פימפ'-לאיק) ווי א קאדעט, ווי א פאקטאר וואס שטעלט צו פראסטיטוטקעס; געמיין; פערדארבען.

pim'ply *a.* (פימ'-פלי) וואס האט בלאטערען, בעדעקט אדער אויסגעשיט מיט פרישטשעס.

pimp'ship *n.* (פימפ'-שיפ) די בעשעפטיגונג פון א קאדעט אדער א פאקטאר פון פראסטיטוטקעס. ז. *pimp*

pin *n. and v.* (פין) א שפילקע, א שטעק-נאדעל; א פלעקעל; א נאגעל, א שטיפט; א פעררוקער; א וואלגער-האלץ; א פוס; א קליינינקייט; א טשוואק אדער פלעקעל, וואס דיענט אלס צייכען; א שריט, א גראד; צושפילען מיט א שפילקע אדער שטעק-נאדעל; בעפעסטיגען מיט א פלעקעל, מיט א שטיפט אדער פעררוקער; האלטען פעסט אויף איין ארט; איינשליסען, איינשפארען; אנפילען די צייהנער פון א פייל, אז זי זאל ניט קענען פיילען.

pin'afore *n.* (פינ'-ע-פאור) א קינדער-פארטיכעל.

pinang' *n.* (פי-נענג') א געוויסער פאלמען-בוים אויף די מאלאאישע אינזלען; דער נוס פון דיעזען פאלמען-בוים.

pinas'ter *n.* (פי-נעס'-טער) דער שטראנד-קיעפער, די ווילדע סאסנע [אזא סאסנע-בוים, וועלכער וואקסט זעהר הויך].

pin'case *n.* (פינ'-קייס) א קעסטעלע צו האלטען שפילקעס [שטעק-נאדלען].

pince-nez' *n.* (פענס-ניי') פענסנע.

pin'cers *n.* (פינ'-סערז) א צוואנג, א צווענגעל; קלעשנעס [ווי פון א ראק].



Pincers

pincette' *n.* (פענ-סעט') א פינצעט, א קנייפ-צוויינגעל.

pinch *v. and n.* (פינטש) קנייפען; קוועטשען, דריקען; צונויפקלעמען, צוזאמענדריקען, צונויפפרעסען; אנגרייפען, בייסען; קוועלען, פלאגען, מוטשען; איינציהען, איינשרומפען [ווי דורך קעלט]; ריהרען פון ארט מיט א ברעך-אייזען; קריטיקירען, טאדלען, אויסגעפינען פעהלער; אבקנייפען, קארגען, שפארען; א קניפ; א קוועטש, א דריק; בעדריקונג, נויט; פיין; א קליין ביסעלע, א שמעק; א ברעך-אייזען.

pinch'back *n.* (פינטש'-בעק) א קארגער וואס זשאלעוועט אפילו זיך צו קליידען ווי נויטיג.

pinch'-bar *n.* (פינטש'-באר) אזא ברעך-אייזען מיט א קורצער ארויסשטארצונג ביים ענד צום הויבען שווערע זאכען.

pinch'beck *n. and a.* (פינטש'-בעק) 1. נעלב-קופער אדער טאמבאק [א געמישטעס מעטאל פון קופער און צינק]; 2. פאלש, ניט עכט, נאכגעמאכט.
2. They are only pinchbeck patriots.

pinch'-cock *n.* (פינטש'-קאק) א קלאמער צום צונויפדריקען א ווייכען ראהר אדער שלויך [צום רעגולירען די פליסיגקייט וואס געהט דורך איהם].
The rubber pipe is furnished with a pinch-cock.

pinched *a.* (פינטשט) צוזאמענגעדריקט, צוזאמענגעפרעסט; איינגעצויגען, איינגעשרומפען; שמאל, פערקלענערט; קלייניליך, אונבעדייטענד; ארעסטירט. [אויף גנבים לשון]; געכאפט ביי דער האנד.

pin'cher *n.* (פינ'-טשער) א קנייפער; א קארגער.

pin'chers *n.* (פינ'-טשערז) א קנייפ-צוויינגעל, א בייס-צוויינגעל.

pinch'fist *n.* (פינטש'-פיסט) א קארגער.

pinch'gut *n.* (פינטש'-גאט) ז. *pinchfist*

pin'ching *a.* (פינ'-טשינג) קנייפענד; קלעמענד, דריקענד; קארגענד, שפארענד.

pin'ching-bar *n.* (פינ'-טשינג-באר) ז. *pinch-bar*

pin'ching cold (פינ'-טשינג קאולד) א שניידענדע קעלט.

pin'chingly *adv.* (פינ'-טשינג-לי) שפארענדיג, קארגענדיג.

pin'ching times (פינ'-טשינג טאימז) נעדריקטע צייטען.

pinch of snuff (פינטש אוו סנאף) א שמעק טאבאק.

pinch'penny *n.* (פינטש'-פענ-אי) ז *pinchfist*

pinch'-spot'ted *a.* (פינטש'-ספאט'-עד) מיט פלעקען אדער צייכענס פון קנייפען.

pin'-connec'tion *n.* (פינ'-קא-נעק'-שאן) א פערבינדונג דורך פעררוקערס, וואס ווערט געברויכט ביי אייזערנע בריקען אנשטאט ניטען-פערבינדונגען.

pin'cushion *n.* (פינ'-קוש-אן) א נאדעל-קישעלע [א קישעלע אין וועלכען מען שטעקט אריין נאדלען אדער שפילקעס].

pind *v.* (פינד) איינשפארען אין א פפאנד-שטאל [ווענען בהמות וועלכע ווערען פערנומען, אויף פרעמדע פיטערנים, למשל, און ווערען איינגעשפארט אין א שטאל אלס משכון].

pin'dal *n.* (פינ'-דעל) ז. *peanut*

pin'dar *n.* (פינ'-דער) ז. *peanut*

pinda'ra *n.* (פינ-דא'-רא) ז. *pindaree*

pindar'ee *n.* (פינ-דער'-אי) א מיטגליעד פון א רייטענדער רויבער-באנדע אין אינדיען.

Pindar'ic *a. and n.* (פינ-דער'-איק) פינדאריש [נאך דער ארט פון דעם אלט-גריכישען לירישען דיכטער פינדאר, געלעבט אין 5טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס'עם געבורט]; א פינדארישעם לויבגעזאנג.

Pindar'ical *a.* (פינ-דער'-אי-קעל) פינדאריש. ז. *Pindaric*

pindar'ry *n.* (פינ-דער'-אי) ז. *pindaree*

pin'der *n.* (פינ'-דער) אן אנגעשטעלטער פון א גוט-אייגענטימער, וועלכער האט די אויפגאבע צו פערנעהמען פרעמדע בהמות וועלכע ער געפינט אויף די פעלדער פון גוט און זיי איינשפארען אין פפאנד-שטאל; אן ערד-נוס. ז. *peanut*

pin'-drill *n.* (פינ'-דריל) א צענטער-בויערער [א בויערער ארער דריל וואס איז אזוי צוגעריכט, אז ער זאל בויערען ריכטיג אין צענטער, ווערט בעזונדערס בענוצט צו פערגרעסערען לעכער].

pin'dust *n.* (פינ'-דאסט) פייל-שטויב, אפילקעס.

pine *n. and v.* (פאין) די פיכטע, די סאסנע; קיעפער-האלץ, סאסנאווע האלץ; דער קיעפער-בוים; שמאכטען, אויסגעהן [פון די כוחות]; בענקען; בעטרויערען, בעוויינען, בעקלאגען; זיך ערגערען, זיך קלעמען; איינשרומפען, איינציהען זיך [ווי א פיש ווען מען רויכערט איהם].

pin'eal *a.* (פינ'-אי-על) וואס האט די פארם פון א שישקע פון א סאסנע; וואס איז שייך צו דער צירבעל-דריזע [אזא קליינע, רויטליכע, רונד-לאנגליכע דריזע, עהנליך צו א שישקע, וועלכע געפינט זיך אין מארך און וועגען וועלכער מען דענקט, אז זי איז געבליבען אלס א שפור פון א חוש פאר וועלכען זי האט נעדיענט].

pin'eal bod'y (פינ'-אי-על באד'-אי) די צירבעל-דריזע [א קליינע, רויטליכע,

רונד-לאנגליכע דריזע, וועלכע געפינט זיך אין מארך און וועגען וועלכער מען דענקט, אז זי איז געבליבען אלס שפור פון א חוש פאר וועלכען זי האט געדיענט].

pin'eal gland (פינ'-אי-על גלענד) ז. *pineal body*.

pine'apple *n.* (פאינ'-עפל) דער אנאנאס [א גרויסע זאפטיגע פרוכט וועלכע האט די עהנליכקייט צו א שישקע פון א סאסנע]; א פיש וואס איז עהנליך צו א שישקע.



Pineapple

pine'-bar'ren *n.* (פאינ'-בער'-ען) א גלייכער זאמדיגער לאנד-טראקט וועלכער איז בעוואקסען מיט קיעפער-בוימער [סאסנעס].

pine'-clad *a.* (פאינ'-קלעד) בעוואקסען מיט קיעפער-בוימער [סאסנעס].

pine'-cone *n.* (פאינ'-קאון) א קיעפער-עפעל, א קיעפער-צאפען [א שישקע פון א סאסנע].

pine'-finch *n.* (פאינ'-פינטש) דער קיעפער-פינק [א קליין נארד-אמעריקאניש פויגעלע, וואס האלט זיך אויף אין סאסנאווע וועלדער].

pine hawk moth (פאין האהק מאטה) דער קיעפער-שמעטערלינג [א קליין זומער-פויגעלע]. ז. איל. "*Butterflies & Moths*"

pine'-house *n.* (פאינ'-האוס) א טרייב-הויז פאר אנאנאסען. ז. *pinery*

pine'-ker'nel *n.* (פאינ'-קויר'-נעל) דער פיניע-נוס [אן עסבארע פרוכט פון א געוויסען זארט קיעפער-בוים].

pine'-knot *n.* (פאינ'-נאט) א פעכיגער סוק פון א סאסנע אדער קיעפער-בוים [ווערט בענוצט אלס א פאקעל].

pine'-mar'ten *n.* (פאינ'-מאר'-טען) דער בוים-מארדער. ז. *marten*

Pine-marten

pine'-mast *n.* (פאינ'-מעסט) די שישקעס פון א קיעפער-בוים [סאסנע].

pine moth (פאין מאטה) דער קיעפער-שמעטערלינג [א ברוין זומער-פויגעלע]. ז. איל. "*Butterflies & Moths*"

pine'-mouse *n.* (פאינ'-מאוס) די קיעפער-מויז [א נארד-אמעריקאנער גרויסע מויז פון א דונקעל רויט-ברוינעם קאליר מיט א זעהר גלאטער גלאנציגער פעל].

pine'-nee'dle *n.* (פאינ'-ניע'דל) די פיכטען-נאדעל [דאס נאדעל-פערמיגע בלעטעל פון פיכטען אדער קיעפער-בוימער].

pine'-nut *n.* (פאינ'-נאט) א קיעפער-עפעל, א שישקע פון א סאסנע; א פיניע-נוס [אן עסבארע פרוכט פון געוויסע זארטען פיכטען אדער קיעפער-בוימער].

pine'-oil *n.* (פאינ'-איל) אזא אויל וואס ווערט געמאכט פון דעם פעך-זאפט וואס בעקומט זיך פון פיכטען [סאסנעס] אדער טאנען [עגלעס]; אזא אויל וואס ווערט געמאכט פון פיכטען אדער טאנען-נאדלען [ווערט בענוצט אלס מעדיצין]; אזא ברען-אויל וואס ווערט ערהאלטען פון פיכטען אדער טאנען-האלץ.

pi'nery *n.* (פאי'-נע-רי) א טרייב-הויז פאר אנאנאסען [א ווארים געהייצטעס גלאז-הויז וואו עס וואקסען אנאנאסען. ז. *pineapple*]; א קיעפער-וואלד, א פיכטען-וואלד.

pine'-sap *n.* (פאינ'-סעפ) אזא ברוינע אדער רויטליכע פלייטשיגע פלאנצע, וועלכע וואקסט אין סאסנאווע וועלדער און ציהט איהר יניקה פון די ווארצלען פון די בוימער.

pine'-sis'kin *n.* (פאינ'-סיס'-קין) ז. *pine-finch*

pine'-snake *n.* (פאינ'-סנייק) אזא גרויסע ניט-גיפטיגע שלאנג, וועלכע האלט זיך מייסטענס אויף אין סאסנאווע וועלדער.

pine'-stove *n.* (פאינ'-סטאווו) א טרייב-הויז פאר אנאנאסען. ז. *pinery*

pine'-tree *n.* (פאינ'-טריע) א סאסנע, א פיכטען-בוים, א קיעפער-בוים.

pine'tum *n.* (פאי-ני'-טאם) אן ארט וואו עס זיינען פערפלאנצט פערשידענע זארטען נאדעל-בוימער, ווי פיכטען, קיעפער, טאנען א. ד. ג. אלס א זאמלונג פאר וויסענשאפטליכע צוועקען אדער פאר דעקאראציאנען; אן אבהאנדלונג וועגען נאדעל-בוימער.

pine'-war'bler *n.* (פאינ'-וואהר'-בלער) אזא קליינער נארד-אמעריקאנישער וואנדער-פויגעל פון אליוו-גרינעם קאליר מיט וויסע פונקטען אויף די עק-פעדערען [ער געפינט זיך בעזאנדערס אין סאסנאווע וועלדער].

pine'-wool *n.* (פאינ'-הוואול) וואלד-וואל [אזא וואל געמאכט פון די נאדלען פון פיכטען אדער טאנען-בוימער].

pi'ney *a.* (פאי'-ני) ז. *piny*

pin'-feath'er *n.* (פינ'-פעטה'-ער) א שפראץ-פעדערעל פון א יונגען פויגעלע איידער עס איז זיך נאך פאנאנדערגעוואקסען.

pin'-feath'ered *a.* (פינ'-פעטה'-ערד) בעדעקט מיט שפראץ-פעדערלעך; נאך ניט בעוואקסען מיט פעדערען.

pin'fold *n.* (פינ'-פאולד) א שטאל פאר בהמות; א צייטווייליגע שטאל וואו עס ווערען איינגעשפארט פערבלאנדזשעטע בהמות.

ping *n. and v.* (פינג) דער פייפענדער גערויש וואס עס הערט זיך ווען א קויל שניידעט דורך די לופט; מאכען א פייפענדען גערויש ווי פון א קויל וואס שניידעט דורך די לופט.

pin'gler *n.* (פינ'-גלער) איינער וואס עסט מיט ווייניג אפעטיט.

pin'guid *a.* (פינ'-גהוויד) פעט.

pinguid'inous *a.* (פינ-גהוויד'-אי-נאס) וואס ענטהאלט פעטס; פעט.

pin'guin *n.* (פינ'-גהווין) ז. *penguin*

pin'guite *n.* (פינ'-גהוואיט) דער פינגוויט [אזא גרינער אייזען-קיעזעל].

pin'guitude *n.* (פינ'-גהווי-טיוד) פעטקייט; פעטלייביגקייט.

pin'head *n.* (פינ'-העד) א שפילקע-קעפעל; א קלייניגקייט.

pin'-head'ed *a.* (פינ'-העד'-עד) וואס האט א קעפעל ווי פון א שפילקע [שטעקנאדעל].

pin'hold *n.* (פינ'-האולד) א פלאץ, וואו עפעס איז בעפעסטיגט מיט א שפילקע.

pin'hole *n.* (פינ'-האול) א קליין לעכעל געמאכט מיט דעם שטאך פון א שפילקע; א קליינער דורכזיכטס-פונקט אדער קליין לעכעלע ווי פון א שפילקע-שטאך.

pi'nic *a.* (פאי'-ניק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון א פיכטע אדער קיעפער-בוים [סאסנע].

pinic'oline *a.* (פאי-ניק'-א-לין) וואס געפינט זיך אין פיכטען-וועלדער [וועגען חיות].

pinic'olous *a.* (פאי-ניק'-א-לאס) ז. *pinicoline*

pi'niform *a.* (פאי'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון א שישקע.

pi'ning *n.* (פאי'-נינג) בעשטראפונג; פייניגונג; ליידען, יסורים.

pi'ningly *adv.* (פאי'-נינג-לי) שמאכטענדיג, אויסגעהענדיג פון די כחות.

pin'ion *n. and v.* (פינ'-יאן) א קליינער טרייב-צאהן-ראד; א פעדער, א פליגעל-פעדער; א פליגעל [פון א פויגעל]; א האנד-קייט; בינדען די פליגלען; אבשניידען די פליגעל-פעדערען; בינדען אדער קייטען.

pin'ion-bone *n.* (פינ'-יאן-באון) די פליגעל-ביינער פון א פויגעל.

pin'ion-file *n.* (פינ'-יאן-פאיל) א קליינע מעסער-פייל וואס זייגער-מייסטערס בענוצען.

pink *a., n. and v.* (פינק) בלאס-רויט; העל-ראזע; שארלאך-רויט; די נעלקע [א געוויסע בלומען-פלאנצע]; נעלקען-קאליר; א בלאס-רויטער קאליר, א שארלאך-רויטער קאליר; א שארלאך-רויטער מאנטעל [בעזאנדערס אזא רייט אדער יאגד-מאנטעל]; א בלום, א שעהנהייט; א מוסטער פון פאלענדונג און אויסגעצייכענטקייט; די עלריצע [אזא פיש פון א בלאס-רויטען קאליר]; א לעכעל וואס איז דורכגעשלאגען אין זייד אדער אנדער מאטעריאל; דורכשטעכען; דורכבויערען; דורכלעכערען; אויסצאקען, אויסשניידען אין צאקען און לעכלעך; פארבען מיט א העל-ראזען אדער שארלאך-רויטען קאליר; ווינקען.

Pink

pinked *a.* (פינקט) דורכגעלעכערט; מיט לעכלעך.

pin'ker *n.* (פינ'-קער) א צאקען אדער שפיצען-אויסשניידער; איינער וואס בלינצעלט מיט די אויגען.

Pin'kerton *n.* (פינ'-קער-טאן) א פינקערטאן [א געהיים-פאליציסט, א דעטעקטיוו פון דער בעוואוסטער פריוואטער דעטעקטיוו-אגענטור, וואס איז געגרינדעט געווארען פון עלען פינקערטאן אין שיקאגא, אמעריקא, אין יאהר 1850].

pink'eye *n.* (פינק'-אי) אזא מין אנשטעקענדע אינפלוענצא ביי פערד, ביי וועלכער די אויגען-לעדלעך ווערען ביי זיי ענטצונדען [דיעזע קראנקהייט ביי פערד איז עהנליך צו שארלאך ביי מענשען]; אזא אנשטעקענדע אויגען-ענטצינדונג ביי מענשען; א קליין אויגעל.

pink'-eyed *a.* (פינק'-איד) מיט קליינע בלינציגע אויגען; מיט רויטליכע אויגען.

pink'ing *n.* (פינק'-אינג) דאס אויסצא-

קען, דאס אויסשניידען אדער אויסהאקען
שפיצען און לעכלעך אין זייד אדער אין
אן אנדער מאטעריאל אלס בעפוצונג; דאס
דורכשטעכען, דאס דורכלעכערען.

pink'ing-i'ron *n.* (פינק'-אינג-אי'-ערן)
אזא געצייג צום אויסשניידען צאקען אדער
שפיצען אין שטאף.

pink'ish *a.* (פינק'-איש) העל=ראזע,
שארלאך=רויט.

pink'-nee'dle *n.* (פינק'-ניע'דל) אזא
נאדעל צום אויסשטעכען א געשווילעכץ
ביי בהמות.

pink of perfec'tion (פינק אוו פויר-
פעק'-שאן) די העכסטע שטופע פון פאל=
קאמענהייט.

pink'root *n.* (פינק'-רוהט) דער אינדי=
שער פינק=ווארצעל [אזא ווארצעל וואס
ווערט געברויכט אבצוטרייבען בויך=ווערים.
אין גרעסערע דאזען ווירקט עס בעטוי=
בענד און איז גיפטיג]; די פלאנצע פון
דיעזען ווארצעל [זי האט שעהנע בלומען,
וועלכע זיינען אויסווענינ רויט און אינווע=
ניג געלב].

pink'ster-flow'er *n.* (פינק'-סטער-
פלאו'-ער) אזא שעהנע בלומען=פלאנצע,
וועלכע וואקסט אין זומפיגע אדער שאטענ=
דיגע ערטער אין קאנאנדא און טעקסאס
[די בלומען וואקסען אין פערשיעדענע קא=
לירען].

pink'-stern *n.* (פינק'-סטוירן) א שי=
פעל מיט א שמאלען אדער שפיציגען הינ=
טערטייל.

pink'-sterned *a.* (פינק'-סטוירנד) מיט
א שמאלען אדער שפיציגען הינטערטייל
[ווענען א שיפעל].

pink'wood *n.* (פינק'-הוואוד) דער פינק=
בוים [אזא בראזיליאנישער בוים].

pink'y *a. and n.* (פינק'-אי) העל=ראזע,
שארלאך=רויט; ווינקענדיג אדער בלינצענ=
דיג מיט די אויגען; מיט קליינע בלינצענ=
דיגע אויגען; א שיפעל מיט א שמאלען
אדער שפיציגען הינטערטייל.

pin'-machine' *n.* (פינ'-מע-שין') א
מאשין צו מאכען שפילקעס [שטעק=נאד=
לען]; א מאשין צו מאכען האלץ=שטיפטען.

pin'-ma'ker *n.* (פינ'-
מיי'-קער) א שפילקע=מא=
כער.

pin'-mon'ey *n.* (פינ'-
מאנ'-אי) טאשען=געלד,
וואס א מאן גיט זיין
פרוי פאר איהרע קליינע
אויסגאבען.

pin'na *n.* (פינ'-א) א
פעדער; א פליגעל פון
א פויגעל; א פלוס=פע=
דער פון א פיש; א פלי=
געל=עהנליכער טייל פון
אן ארגאן; דער אויסער=
ליכער טייל פון אויער;
א בלעטעל [טייל] פון
א פעדער=בלאט.

pin'nace *n.* (פינ'-איים)
א גרויסע דאפעל=רודער
שיף.

pin'nacle *n. and v.*
(פינ'-עקל) א שפיץ; א
שפיץ=טהורם פון א גע=
ביידע; בעבויען אדער
בעפוצען מיט טהורמס;
דערהויבען אויף דער
שפיצע; דערהויבען ווי
אויף א טהורם.

Pinnacle

pin'nacle-work *n.* (פינ'-עקל-הוואירק)
טהורם=ווערק [די בעפוצונג פון א געביי=
דע מיט טהורמס].

pin'nate *a.* (פינ'-אייט) געפעדערט;
עהנליך צו א פעדער; וואס האט די פארם
פון א פעדער [ווענען פלאנצען=בלעטער];
וואס האט פליגלען אדער פלוס=פעדערען.

pin'nated *a.* (פינ'-איי-טער)
ז. *pinnate*.

pin'nated grouse
(פינ'-איי-טער גראוס)
די פריירי=הוהן [אזא
הוהן, וועלכע האט
צוויי קליינע פליגע=
לעך אויף'ן האלז].

Pinnated Grouse

pin'natedly *adv.*
(פינ'-איי-טעד-לי)
ז. *pinnately*.

pin'nately *adv.* (פינ'-אייט-לי) אזוי ווי
געפעדערט, אין דער פארם פון א פעדער.

pinnat'ifid *a.* (פי-נעט'-אי-פיד) גע=
טיילט אדער געשפאלטען אויף דעם אופן
פון א פעדער.

pinnat'ifid leaf (פי-
נעט'-אי-פיד ליעף) א
פעדער=בלאט [א בלאט
וואס איז עהנליך צו א
פעדער].

pin'ner *n.* (פינ'-ער)
איינער וואס בעפעסטיגט
מיט א שפילקע [שטעק=
נאדעל]; א שירץ [פאר=
טוך] וואס ווערט צוגע=
שפילעט מיט שפילקעס
[שטעק=נאדלען].



Pinnatifid
Leaf

pin'niform *a.* (פינ'-אי-פארם) עהנ=
ליך צו א פעדער; וואס האט די פארם
פון א פלוס=פעדער.

pin'nigrade *a.* (פינ'-אי-גרייד) וואס
שווימט מיט פלוס=פעדערען.

pin'ning *n.* (פינ'-אינג) א שפילקע, א
שטעק=נאדעל; דאס צושפילען מיט א
שפילקע [שטעק=נאדעל]; קליינע שטיינד=
לעך וואס ווערען געברויכט אין מויערן
אויסצופילען א צווישען=רוים.

pin'niped *a.* (פינ'-אי-פעד) וואס האט
פים עהנליך צו פלוס=פעדערען.

pin'nula *n.* (פינ'-יו-לא) א קליין פעדע=
רעל; א פעדער=עהנליכער טייל פון אן
ארגאן; א בלעטעל [טייל] פון א פעדער=
בלאט.

pin'nule *n.* (פינ'-יול) א פעדערעל; א
פעדער=עהנליכער טייל פון אן ארגאן;
אזא קליינע פלוס=פעדער ביי געוויסע פיש;
א בלעטעל [טייל] פון א פעדער=בלאט.

pin'ochle *n.* (פינ'-אקל) פינאקל [אזא
קארטען=שפיעל].

pin'ocle *n.* (פינ'-אקל) ז. *pinochle*.

pin'-point *n.* (פינ'-פאינט) דער שפיץ
פון א שפילקע; א קליינינקייט.

pins and nee'dles (פינז ענד ניערלז)
דאס שטעכעניש וואס מען פיהלט אין אן
אבגעזעסענעם אדער אבגעלעגענעם גליעד.

pint *n.* (פאינט) א פאינט [אן אמעריקא=
נער מאס פון א האלבער קווארט].

pinta'do *n. and a.* (פינ-טא'-דאו) די
פערל=הוהן [אזא מין פויגעל]; דער
וועסט=אינדיאנישער מאקארעל [אזא
פיש]; געפארבט אין פלעקען אדער פינ=
טעלעך.

pin'tail *n. and a.* (פינ'-טייל) די שפיץ=
ענטעל [אזא ענטעל מיט א שפיציגען
עק]; די שפיץ=וואלד=הוהן [אזא וואלד=
הוהן מיט א שפיציגען עק. ז. *grouse*];
וואס האט א שפיציגען עק.

pin'tail duck (פינ'-טייל דאק) די
שפיץ=ענטעל [אזא ענטעל מיט א שפיצי=
גען עק].

Pintail Duck

pin'-tailed *a.* (פינ'-טיילד) וואס האט
א שפיציגען עק.

pin'tle *n.* (פינטל) א שטיפט אויף וועל=
כען עטוואס דרעהט זיך [ווי דער שטיפט
פון א זאוויעסע, דער שווארען פון פא=
דערשטען אקס פון א וואגען, דער האקען
אויף וועלכען עס דרעהט זיך א שיף=
רודער א. ד. ג.].

pint'-pot *n.* (פאינט'-פאט) א ביער=כלי
וואס ענטהאלט א פאינט [אן אמעריקא=
נער מאס פון א האלבער קווארט].

pin'wheel *n.* (פינ'-הוויעל) א פייער=
ווערק וואס בילדעט א זיך=דרעהענדען
פייער=ראד ווען מען צינדט עס אן; א
ראד מיט ארייננעזעצטע שטיפטען אין
זיין פלעכע אנשטאט צייהנער אין זיין
ראנד; אין נארבעריי — אזא רונדער
קאסטען וואס ענטהאלט ווארים וואסער,
אין וועלכען די פעלען ווערען צונויפגע=
ראלט אויף פלעקער.

pin'worm *n.* (פינ'-הוואירם) אזא
קליינער דינער פאראזיטישער ווארים,
וועלכער געפינט זיך מייסטענס ביי קינ=
דער אין הינטער=לייב.

pi'ny *a.* (פאי'-ני) בעוואקסען אדער בע=
דעקט מיט סאסנעס [קיעפער=בוימער
אדער פיכטען]; סאסנאווע.

pioneer' *n. and v.* (פאי-א-ניער') א
פיאנער, איינער וואס איז דער ערשטער,
וואס נעהמט פארויס אדער לעגט אוים א
וועג פאר אנדערע; א סאלדאט וואס נעהט
פארויס און רייניגט אב א וועג פאר דער
ארמעע; זיין א פיאנער.

pioneer'ing *a.* (פאי-א-ניער'-אינג)
וואס איז שייך צו פיאנערען=ארבייט.
ז. *pioneer*.

pi'ot *n.* (פאי'-אט) ז. *piet*.

pi'ous *a.* (פאי'-אס) פרום; נאטס=
פארכטיג; רעליגיעז; היילינ; גוט און
פרום.

pi'ously *adv.* (פאי'-אס-לי) אויף א
פרומען, גאטספארכטיגען אופן; גוט און
פרום.

pi'ous-min'ded *a.* (פאי'-אס-מאינ'-
דער) פרום, גאטספארכטיג; גוט און פרום.

pip *n. and v.* (פיפ) א פיפעץ [אן אנ=
וואוקס אויף'ן צונג ביי עופות]; אן אויג
[אין קארטען=שפיעל]; א פרוכט=ביינדעל
אדער קערנדעל; דער קערנער=טייל אין
קינסטליכע בלומען; פיפטשען [ווי א
פוינעלע]; זיך ארויספיקען [פון אן
איי]; פערבלאטירען, דורכווארפען ביי
וואהלען.

Pi'pa *n.* (פאי'-פא) א מין פרעש אהן
צונגען, ביי וועלכע די יונגע פרעש ווע=
רען אויסגעבריהט און ווערען נאך דער
אויסבריהונג א שטיק צייט געהאלטען אונ=
טער דער רוקען=הויט פון דער "זי".
ז. *Aglossa*.

pi'page *n.* (פּאַי'-פּעדזש) פּאַנאַנדער־טיילונג, דורכפיהרונג אדער טראַנספּאָר־טירונג דורך רעהרעז [ווי וואַסער, גאַז א. ז. וו.].

pi'pal *n.* (פּיע'-פּעל) דער הייליגער פייגענבוים אין אינדיען. ז. ***pipul-tree***

pipe *n. and v.* (פּאַיפּ) א פייפעל; א רעהר; א ליולקע, א פּיפּקע; א מאָס טאַ־באַק וויפיעל עס קען אריין אין א ליולקע: די קעהל, די לופט־רעהרע, דער שטים־און־אָטעמונגס־ארגאַן; די שטימע; דאָס פייפען פון א פויגעל; דאָס פייפעל, מיט וועלכען מען גיט בעפעהלע צו מאַטראָזען; דאָס פייפען מיט דיזען פייפעל; א רונ־דע וואַקס־צעלע אין א ביענשטאָק פאַר דער ביענען־קעניגין; א ווייז־מאָס פון 110 ביז 140 גאַלאָנס; פייפען, טשירפּען, זינגען [וועגען פויגעל]; וויינען; שפּיע־לען אויף א פייפעל, פלייט און אַנדערע עהנליכע אינסטרומענטען; זשומען [ווי ביענען]; געבען בעפעהלע צו מאַטראָזען דורך פייפען; מאַכען רעהרען; דורכפיה־רען דורך רעהרען; אבקאַנטען מיט א געדרעהטען שנירעל; אנווענדען א וואַ־סער־שטראָם [אין שאַכטען]; נאָכקוקען, נאָכשפּירען, זאַמלען ידיעות [אַלס פּאַר־בערייטונג צו א גנבה — אין דער גנבים־שפּראַך].

pipe-ben'der *n.* (פּאַיפּ'-בענ'-דער) א מאַשין אדער פּאָררירכטונג צו בויגען רעה־רען.

pipe'-case *n.* (פּאַיפּ'-קייס) א שיידעל פאַר א ליולקע.

pipe'-clay *n. and v.* (פּאַיפּ'-קליי) ליולקע־ליים [אזא ווייסער ליים וואָס ווערט געברויכט פאַר ליולקעס און אויך צו ווייסען לעדערנע זאַכען]; ווייסען מיט ליולקע־ליים; אויסמעקען, אבווישען; אויסגלייכען, גוט מאַכען [א רעכנונג, א חוב א. ז. וו.].

pipe'-clay'ey *a.* (פּאַיפּ'-קליי'-אי) ז. ***pipe-clayish***

pipe'-clay'ish *a.* (פּאַיפּ'-קליי'-איש) וואָס געברויכט ליולקע־ליים צום ווייסען לעדערנע זאַכען [הויפּטזעכליך וועגען סאָלדאַטען]; מיליטעריש; פאָרמעל, שטייף.

pipe'-coup'ling *n.* (פּאַיפּ'-קאַפּ'-לינג) א רעהרען־פערבינדונג [וואָס פערבינדעט צוויי רעהרען אדער פעראייניגט א רעהר מיט אַן אַנדער זאַך].



Pipe-coupling

pipe'-cut'ter *n.* (פּאַיפּ'-קאַט'-ער) אַן אינסטרומענט צו שניידען אייזערנע רעה־רען; אַן אינסטרומענט ארומצושניידען אדער גלייך מאַכען די ענדען פון רעהרען.

piped *a.* (פּאַיפּט) רעהר־אַרטיג.

pipe'-dance *n.* (פּאַיפּ'-דענס) א ליולקע־טאַנץ [א טאַנץ צווישען אויסגעלעגטע ליולקעס אויף דער ערד].

pipe'-die *n.* (פּאַיפּ'-דאַי) א געצייג צום אויסשניידען גווינטען אין א רעהר.

piped key (פּאַיפּט קיע) א שליסעל מיט אַן אויסהוילונג.

pipe down (פּאַיפּ דאַון) פאַנאַנדערלאָ־זען מאַטראָזען פון מושטיר אדער פון די פּאָסטענס [דורך סיגנאַלען פון א פּיי־פעל].

pipe'-fish *n.* (פּאַיפּ'-פיש) די ים־נאָדעל [אזא לאַנג, דין ים־פישעל].



Pipe-fish

pipe in an i'vy-leaf (פּאַיפּ אין ען אַי'-ווי-ליעף) זיך טרייסטען ווי ווייט עס לאָזט זיך.

pipe'-key *n.* (פּאַיפּ'-קיע) ז. ***piped key***

pipe'-lay'er *n.* (פּאַיפּ'-ליי'-ער) אַן אַרבייטער וואָס לעגט אויס רעהרען; א פּאָליטישער אינטריגאַנט; איינער וואָס פּלאַנעוועט, איינער וואָס מאַכט אינטרי־גען.

pipe'-lay'ing *n.* (פּאַיפּ'-ליי'-אינג) דאָס אויסלעגען רעהרען; פּלאַנעווען, אויסאַר־בייטען פּלענער [הויפּטזעכליך פּאָליטי־שע]; אינטריגירען.

pipe'-lee *n.* (פּאַיפּ'-ליע) האַלב־אויסגע־רויכערטער טאַבאַק אין א ליולקע.

pipe'-line *n.* (פּאַיפּ'-לאַין) א סיסטעם פון אייזערנע רעהרען פאַר דער טראַנס־פּאָרטירונג פון פּעטראָלעאום.

pipe'mouth *n.* (פּאַיפּ'-מאַוטה) די ים־ליולקע [אזא פיש מיט א רעהר־עהנלי־כען מויל].

pipe of peace (פּאַיפּ אָוו פּיעס) די פריעדענס־ליולקע [וועלכע ווערט ביי די אינדיאַנער געברויכערט אַלס צייכען פון שלום].

pipe one's eye (פּאַיפּ הוואַנז אַי) וויינען.

pipe'-pro'ver *n.* (פּאַיפּ'-פּרוה'-ווער) אַן אַפּאַראַט צו פּרובירען די שטאַרקייט פון רעהרען [דורך וואַסער־דרוק].

pi'per *n.* (פּאַי'-פּער) א פּיי־פער, א פייפער, א פלייט־שפּיעלער; דער פעל־שפּיעלער, שטראַנדלויפער [אזא פויגעל. ז. ***sandpiper***]; א יונגעס, נור־וואָס אויס־געבריהטעס טייבעלע; א מין העכט־עהנ־ליכער ניי־זעעלאַנדישער פיש, מיט א שווערד־עהנליכען מויל [ז. ***garfish***]; א יונגער ביענען־שוואָרם [מחנה].

Pi'per *n.* (פּאַי'-פּער) דער מין פעפער־פּלאַנצען.

pipera'ceous *a.* (פּיפּ-ע-ריי'-שיאַס) וואָס איז שייך צו די פעפער־פּלאַנצען.

pipe'-rack *n.* (פּאַיפּ'-רעק) דער טייל פון אַן אָרגעל, וואו עס געפינען זיך די ווינד־פייפלעך: א פּאָררירכטונג אויפצו־הענגען ליולקעס.

piper'ic *a.* (פּאַי-פּער'-איק) געמאַכט פון פעפער־פּלאַנצען.

pip'eridge *n.* (פּיפּ'-ע-רידזש) דער טופּעלא־בוים. ז. ***pepperidge***

piperi'tious *a.* (פּיפּ-ע-ריש'-אַס) פּע־פערדיג, שאַרף, בייסענד.

piperiv'orous *a.* (פּיפּ-ע-ריוו'-א-ראַס) וואָס עסט פעפער, וואָס ערנעהרט זיך מיט פעפער [וועגען פויגלען].

pipe'-roll *n.* (פּאַיפּ'-ראָול) דער רע־גיסטער פון דער ענגלישער שאַצקאַמער.

pipes *n.* (פּאַיפּס) דער דודעלזאַק אדער די זאַק־פייף [ז. ***bagpipe***]; פייפלעך; רעהרען.

pipe'-stick *n.* (פּאַיפּ'-סטיק) א ליולקע־ציבוך.

pipe'-stone *n.* (פּאַיפּ'-סטאָון) דער סי־ליקאַליטה [אזא רויטער שטיין]. ז. ***catlinite***

pipe'-tongs *n.* (פּאַיפּ'-טאָהנגז) אזא צוואַנג צום אבשרויפען און צוזאַמענשרוי־פען רעהרען.

pipe'-tree *n.* (פּאַיפּ'-טריע) דער מאַי־בוים אדער בעז־בוים.

pipette' *n. and v.* (פּי-פּעט') אזא רעה־רעל צום אריבערפיהרען פליסיגקייטען און גאַזען פון איין כלי אין דער צווייטער; זיך בענוצען מיט אזא רעהרעל.

pipe'-twis'ter *n.* (פּאַיפּ'-טהוויס'-טער) ז. ***pipe-wrench***

pipe up (פּאַיפּ אַפּ) אַנהויבען פייפען, זינגען אדער שפּיעלען.

pipe'-vein *n.* (פּאַיפּ'-וויין) אַן ערץ־אָדער וואָס געפינט זיך אין א רעהר־עהנ־ליכער אויסהוילונג אין דער ערד.

pipe'-wine *n.* (פּאַיפּ'-הוואַין) וויין פון פּאָס.

pipe with an i'vy-leaf (פּאַיפּ הוויטה ען אַי'-ווי-ליעף) ז. ***pipe in an ivy-leaf***

pipe'wort *n.* (פּאַיפּ'-הוואָירט) אזא מין וואַסער־גראָזען, ביי וועלכע די בלעטלעך און בלומען וואַקסען אין קנוילען.

pipe'-wrench *n.* (פּאַיפּ'-רענטש) אזא צוואַנג־פערמיגער אינסטרומענט צוזויפצו־שרויפען רעהרען.

pi'ping *n. and a.* (פּאַי'-פּינג) דאָס פּיי־פען: דאָס שפּיעלען אויף א פייפעל, פלייט אדער עהנליכען אינסטרומענט; דאָס זשומען [פון א מחנה ביענען]; דאָס וויינען, א געוויין; א סיסטעם פון רעהרען; אַן אבקאַנטונג מיט א געדרעה־טען שנירעל [ווי ביי קליידער]; א מין שטריק־עהנליכע צוקער־גלאַזור אויף גע־בעקס; אין גאָלד־שמידעריי — אַן אונ־טערלאַגע פון א ביליגערען מעטאַל אונ־טער א טייערערען; דאָס קרויזען די האָר אויף שטעקלעך; פייפענד; שפּיעלענד אויף א פייפעל, פלייט א. ז. וו.; זידענד; זשומענד [וועגען א מחנה ביענען].

pi'ping hot (פּאַי'-פּינג האָט) קאָכעדיג־הייס, זודיג־הייס.

pipistrel' *n.* (פּיפּ-איס-טרעל') די גע־וועהנליכע אייראָפּעאישע פלעדער־מויז.

pipistrelle' *n.* (פּיפּ-איס-טרעל') ז. ***pipistrel***

pip'it *n.* (פּיפּ'-איט) [אזא פּיפּלערכע די קליין זינג־פויגעלע עהנליך צו א לערכע]. ז ***lark***



Pipit

pip'it-lark *n.* (פּיפּ'-איט-לאַרק) ז. ***pipit***

pip'kin *n.* (פּיפּ'-קין) א טעפּעל; אזא הילצערנע כלי.

pip'pin *n.* (פּיפּ'-אין) א ראַנעט אדער פּיפּינג־עפּעל [אזא עפּעל].

pip'pin-face *n.* (פּיפּ'-אין-פייס) א קיילעכדיג גלאַט פּנים [ווי א ראַנעט־עפּעל].

pip'pin-hear'ted *a.* (פּיפּ'-אינ-האר'- טער) שרעקעדיג.

pip'ul *n.* (פּיפּ'-אל) *pipul-tree* .ז

pip'ul-tree *n.* (פּיפּ'-אל-טריע) דער היילינער אינדישער פייגענבוים.

pi'py *a.* (פּאי'-פּי) רעהרען-ארטיג, ראהר-ארטיג.

pi'quancy *n.* (פּי'-קענ-סי) פּיקאַנט- קייט; דאס זיין רייצענד; שארפקייט, ביי- סעדיגקייט, שטעכעדיגקייט, פּעפערדיגקייט.

pi'quant *a.* (פּי'-קענט) רייצ- פּיקאַנט; רייצענד; שטעכעדיג, שארף, בייסענד, פּע- פערדיג.

pi'quantly *adv.* (פּי'-קענט-לי) אויף א פּיקאַנטען אדער רייצענדען אופן; מיט שארפקייט, מיט פּעפערדיגקייט; בייסענד, שארף.

pique *v. and n.* (פּיק) שטעכען, ער- גערען, בעליידיגען, אויפרעגען; זיך האל- טען גרויס, זיך גרויסען; אין פּיקעט [קארטען-שפּיעל]—געווינען דרייסיג אוי- גען איידער דער צווייטער צד געווינט עפּעס; אזא געווינס אין פּיקעט; א מין פלינעלע אדער פלוי וואס עסט זיך איין אין לייב.

piqué' *n.* (פּי-קיי') פּיקיי [אזא באוועל- שטאף]; דאס אויסשטעפּען אזוי, אז די מאטעריע צווישען די נעט זאל זיין עט- וואס אויפגעבלאזען; אן עהנליכער מוס- טער אין געוועבטע שטאפען; ארנאמענ- טען פון אריינגעדריקטע פונקטען.

pique of hon'or (פּיעק אוו אנ'-אר) עהרענגעפיהל, אן עהרען-פראגע.

piquet' *n.* (פּי-קעט') פּיקעט [א מין קארטען-שפּיעל]; א געטראנק געמאכט פון שוין אויסגעדריקטע ווייגטרויבען; ביליי- גער, זויערער וויין.

piqué'-work *n.* (פּי-קיי'-הוואירק) אר- נאמענטען געמאכט פון אריינגעדריקטע פונקטען.

pi'racy *n.* (פּאי'-רע-סי) ים-רויבעריי; ליטערארישע גנבה, פּלאגיאט; אונערלויב- טער נאכדרוק פון ליטערארישע ווערק.

piram'eter *n.* (פּאי-רעמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט אדער אפּאראט צו מעסטען די רייבונג אדער דעם ווידערשטאנד וואס א וועג איבט אויס אויף די רעדער פון א וואגען.

pi'rate *n. and v.* (פּאי'-רעט) א פּי- ראט, א ים-רויבער; א פּיראטען-שיף; א ליטערארישער גנב, א פּלאגיאטאר; איי- נער וואס דריקט איבער אימעצענס ווערק אהן דעם פערפאסער'ס ערלויבניס; דער קארסאר [אזא פיש. ז. *pirate-perch*]; זיך בעשעפטיגען מיט ים-רויב, זיין א פּיראט; בעגעהן א ליטערארישע גנבה; איבערדרוקען ליטערארישע ווערק אהן דעם פערפאסער'ס ערלויבניס.

pi'rate-perch *n.* (פּאי'-רעט-פּוירטש) דער קארסאר [אזא מין אמעריקאנישער בארש אדער אקון].

pirat'ic *a.* (פּאי-רעט'-איק) *piratical* .ז

pirat'ical *a.* (פּאי-רעט'-אי-קעל) ים- רויבעריש, ווי א פּיראט; וואס איז שייך צו א ליטערארישער גנבה, וואס דריקט איבער פרעמדע ווערק אהן דעם פערפאס- סער'ס ערלויבניס.

pirat'ically *adv.* (פּאי-רעט'-אי-קעל- אי) ים-רויבעריש, דורך ים-רויבעריי; ווי א פּיראט; ווי א ליטערארישער גנב, אי- בערדרוקענדיג פרעמדע ווערק אהן דעם פערפאסער'ס ערלויבניס.

pir'iform *a.* (פּיר'-אי-פארם) באר-עהנ- ליך, אין דער פארם פון א בארנע.

pirn *n.* (פּוירן) עטוואס וואס וויקעלט אויף אדער וויקעלט אב; א פּאדריכטונג ביי א וועבטע אבצואוויקלען דאס שטרי- קעל; א שפּולע; די לענג פּאדים וואס ווערט אויף איין מאל אנגעוויקעלט אויף א שפּולע אדער אין א וועבער-שיפעל.

pirogue' *n.* (פּי-ראוג') א פּיראג, א שיפעל געמאכט פון אן אויסגעהוילטען בוים-שטאם; אזא שמאלע פּראם-שיף אדער פּערדיי.

pirouette' *n. and v.* (פּיר-או-עט') א פּירועט, דאס דרעהען זיך שנעל אויף די שפּיץ פינגער פון איין פוס [אין טאנ- צען]; א שנעלע אומדרעהונג פון א פערד; מאכען א פּירועט.

pis'-aller' *n.* (פּי'-זע-ליי') דער ערג- סטער פאל; דער לעצטער מיטעל.

pis'asphalt *n.* (פּיס-עס-פעלט) *pissasphalt* .ז

pis'cary *n.* (פּיס'-קע-רי) דאס רעכט צו כאפּען פיש אין פרעמדע וואסערען.

piscatol'ogy *n.* (פּיס-קע-טאל'-א-דזשי) איכטיאלאגיע, די לעהרע וועגען פיש.

pisca'tor *n.* (פּיס-קיי'-טאר) א פּי- שער; איינער וואס כאפּט פיש מיט א ווענטקע.

piscato'rial *a.* (פּיס-קיי-טאו'-רי-על) *piscatory* .ז

pis'catory *a.* (פּיס'-קיי-טא-רי) וואס איז שייך צו פישער אדער פיש-פאנג.

Pis'ces *n.* (פּיס'-איז) מזל דגים; אין זאאלאגיע — דער מין פיש.

piscicul'tural *a.* (פּיס-אי-קאל'-טשו- רעל) וואס איז שייך צו פיש-צוכט אדער צום אויסבריהען און האדעווען פיש אויף א קינסטליכען אופן.

pis'ciculture *n.* (פּיס'-אי-קאל-טשור) פיש-צוכט, דאס אויסבריהען און האדעווען פיש אויף א קינסטליכען אופן.

piscicul'turist *n.* (פּיס-אי-קאל'-טשור- איסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט פיש-צוכט, מיט אויסבריהען און האדעווען פיש אויף א קינסטליכען אופן.

pis'cifauna *n.* (פּיס'-אי-פאה-נא) די פיש [קאלעקטיוו] פון א געוויסען לאנד אדער פון א געוויסער געגענד.

pis'ciform *a.* (פּיס'-אי-פארם) פיש- פערמיג, עהנליך צו פיש.

pisci'na *n.* (פּי- סאי'-נא) א האנד- פאס, א וואש-בע- קען; א שיסעל אדער באסיין ביי א פאנטאן; א קליי- נע ציסטערנע אדער רעזערוואואר; א פיש-בעהאלטער, א באסיין צו האלטען פיש און וואסער- פלאנצען.

Piscina

pis'cinal *a.* (פּיס'- אי-נעל) וואס איז שייך צו א האנד- פאס, באסיין אדער פיש-בעהאלטער. ז. *piscina*

pis'cine *a.* (פּיס'-אין) וואס איז שייך צו פיש.

pisciv'orous *a.* (פּי-סיוו'-א-ראס) פיש- עסענד, וואס שפּייזט זיך מיט פיש.

pish *int. and v.* (פּיש) פוי! באה! אונזין! [אן אויסרוף פון פעראכטונג]; אויסשרייען "פוי".

pish'-pash *n.* (פּיש'-פעש) א געריכט פון רייז און קליינע שטיקלעך פלייש.

pi'siform *a. and n.* (פּאי'-סי-פארם) עהנליך צו ארבעס; א סעזאם-ביינדעל אין א געלענק, עהנליך צו אן ארבעס. ז. *sesamoid bone*

pisifor'me *n.* (פּאי-סי-פאר'-מי) א סעזאם-ביינדעל אין א געלענק. ז. *sesamoid bone*

pis'mire *n.* (פּיס'-מאיר) א מוראשקע.

pi'solite *n.* (פּאי'-סא-לאיט) דער אר- בעס-שטיין [אזא שטיין, ביי וועלכען די קערנער זיינען אזוי גרויס ווי ארבעס].

pisolit'ic *a.* (פּאי-סא-ליט'-איק) עהנליך אין געבוי צום ארבעס-שטיין. ז. *pisolite*

piss *n. and v.* (פּיס) פּישען, משתין זיין; השתנה, אורין.

piss'-a-bed *n.* (פּיס'-ע-בעד) די פּוטער- בלום. ז. *dandelion*

pis'sasphalt *n.* (פּיס'-עס-פעלט) בערג- טער [א מין אספאלט אדער ערד-פעך].

pissasphal'tum *n.* (פּיס-עס-פעל'-טאם) *pissasphalt* .ז

piss'-burnt *a.* (פּיס'-בוירנט) ברוין-גע- פלעקט [ווי פון השתנה].

pist *n. and int.* (פּיסט) די שפּורען פון א ריימער, די שפּור פון די קאפּיטעס פון א פערד; שא! סט! שטיל!

pista'chio *n.* (פּיס-טיי'-שיאו) די פּיס- טאציע אדער פּיסטאשקע-בוים [א מין אראמאטישער קוסט אדער בוימעל מיט דריי-טיילינע בלעטער און קליינע בליהונ- גען, אויף וועלכען עס וואקסען פּיסטאציען- ניס]; א פּיסטאציען-נוס, א פּיסטאשקע, א פּימפּער-נוס.

Pistachio

pista'chio-green *n.* (פּיס-טיי'-שיאו- גריען) פּיסטאציען-גרין [א העלע גרינע פארב].

pista'chio-nut *n.* (פּיס-טיי'-שיאו-נאט) א פּיסטאציען-נוס, א פּימפּער-נוס, א פּיס- טאשקע [דער נוס וואס וואקסט אויף א פּיסטאציען-בוימעל. די יאדרע פון דיזען נוס האט א גרינליכען קאליר און דעם גע- שמאק פון א מאנדעל. ווערט פיעל גענוצ- טען אין טערקיי, גריכענלאנד און אין קליין-אזיען].

pista'chio-tree *n.* (פּיס-טיי'-שיאו- טריע) דער פּיסטאציען-בוים. ז. *pistachio*

pista'cio *n.* (פּיס-טיי'-שיאו) ז. *pistachio*

pis'tacite *n.* (פּיס'-טע-סאיט) ז. *epidote*

pistareen' *n.* (פּיס-טע-ריען') דער פּיסטאריין [אן אלטע שפּאנישע מטבע, וואס האט געהאט דעם ווערטה פון אונ- געפעהר 20 סענט].

pis'tazite *n.* (פיס'-טע-זאיט) ז. ***epidote***

piste *n.* (פיסט) די שפורען פון א פערד'ס קאפיטעס.

pis'til *n.* (פיס'-טיל) דער פיסטיל, דער טייל פון א בלום, וועלכער בילדעט אויס דעם ווייבליכען געשלעכטס-ארגאן ביי א פלאנצע [דער פיסטיל בעשטעהט געוועהנליך פון עטליכע צוזאמענגעוואקסענע בלעטעלעך — דער פרוכט-בייטעל — מיט א רעהרעל, וואס ענדיגט זיך מיט א ברייטליכער עפנונג].

Pistil

pistilla'ceous *a.* (פיס-טי-ליי'-שאס) אין באטאניק — וואס איז שייך צום פיסטיל. ז. ***pistil***

pis'tillary *a.* (פיס'-טי-לע-רי) ז. ***pistillaceous***

pis'tillate *a.* (פיס'-טי-לייט) אין באטאניק — וואס האט א פיסטיל אדער דעם ווייבליכען געשלעכטס-ארגאן [ביי א פלאנצע].

pistillif'erous *a.* (פיס-טי-ליפ'-ע-ראס) ז. ***pistillate***

pis'tilline *a.* (פיס'-טי-לין) אין באטאניק — וואס איז שייך צום פיסטיל [דער ווייבליכער געשלעכטס-ארגאן פון א פלאנצע].

pis'tol *n. and v.* (פיס'-טאל) א פיסטאלעט, א רעוואלווער; שיסען מיט א רעוואלווער.

pistolade' *v.* (פיס-טא-לייד') א שאס פון א רעוואלווער אדער פיסטאלעט.

pistole' *n.* (פיס-טאול') א פיסטאלע [א שפאנישע גאלדענע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 4 אמעריקאנישע דאלאר].

pistoleer' *n.* (פיס-טא-ליער') איינער וואס שיסט פון א פיסטאלעט; א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיסטאלעט.

pis'tolet *n.* (פיס'-טא-לעט) א קליינער פיסטאלעט.

pis'tol-shaped *a.* (פיס'-טאל-שייפט) וואס האט די פארם פון א פיסטאלעט אדער רעוואלווער.

pis'tol-shot *n.* (פיס'-טאל-שאט) דער שאס פון א רעוואלווער; דער מרחק וויפיעל עס קען דורכלויפען די קויל פון א רעוואלווער; איינער וואס שיסט מיט א רעוואלווער.

pis'ton *n.* (פיס'-טאן) דער קאלבען [דאס צילינדער-פערמיגע שטיק וואס בעוועגט זיך אין צילינדער פון א דאמפף-מאשין אדער פון א פומפ]; אין מוזיקאלישע בלאז-אינסטרומענטען — א ווענטיל אדער קלאפע וואס ווערט אריינגעשטעלט אין אינסטרומענט, כדי צו ענדערען די הויכקייט אדער שטארקייט פון טאן.


P. Piston

pis'ton-head *n.* (פיס'-טאנ-העד) דער קאלבען-קאפ, דער קאלבען. ז. ***piston***

pis'ton-pack'ing *n.* (פיס'-טאנ-פעק'-אינג) דאס מאטעריאל [ווי רינגען פון קופער אדער פון ווייכען אייזען], מיט וועלכען מען לעגט ארום דעם קאלבען אום ער זאל זיין פעסט צוגעפאסט צו די ווענטלעך פון צילינדער.

pis'ton-pump *n.* (פיס'-טאנ-פאמפ) א פומפ וואס בעשטעהט פון א רעהר, אין וועלכער עס בעוועגט זיך א קאלבען.

pis'ton-rod *n.* (פיס'-טאנ-ראד) דער קאלבען-שטאנג [דער שטאנג וואס איז בעפעסטיגט צום קאלבען]. ז. ***piston***

pit *n. and v.* (פיט) א גרוב, א הויהל; א טיעפעניש, א פערטיעפונג; דער קבר; די שאול תחתיה, דער גיהנום; דער קאמפף-פלאץ אין העהנער-געפעכט; דער הינטערשטער טייל פון פארטער [אין אן ענגלישען טעאטער]; א פערטיעפונג אין קערפער; שטופלען אדער גריבעלעך אויף'ן פנים [פון פאקען-קראנקהייט]; דאס ביינדעל פון א פרוכט [ווי פון א קארש, פלוים א. ד. ג.]; אריינלעגען אדער אריינווארפען אין א גרוב; ווערען געשטופעלט; מאכען געשטופעלט; שטופלען דאס פנים [ווי פון פאקען]; איינריכטען דעם קאמפף אדער קאמפף-פלאץ [ווי אין א העהנער-קאמפף].

pi'ta *n.* (פי'-טא) דער אמעריקאנער אלאען-בוים; א מין פלאקס אדער פעדים פון די בלעטער פון דיעזען בוים [ווערט געברויכט צו מאכען שטריק, קאנאטען א. ד. ג.].

pit against' (פיט ע-גענסט') זיך אי-מעצען אנטקעגען שטעלען [אין א קאמפף].

The oriental nations will not dare to **pit** themselves **against** Europe.

pit and gal'lows (פיט ענד געל'-אוז) אין מיטעלאלטער — די פריווילעגיע וואס א קעניג פלעגט געבען צו א באראן צו בעשטראפען א גנב מיט'ן טויט [א מאנספערזאן — הענגען אויף דער תליה און א פרויענצימער — דערטרינקען אין א גרוב מיט וואסער].

pit'apat *n., a., v. and adv.* (פיט'-ע-פעט) דאס פלאטערען, דאס שנעלע קלאפען פון עפעס; א הארץ-קלאפעניש; ציטערנד, שנעל קלאפענד; פלאטערען, שנעל קלאפען; פלאטערענדיג, ציטערענדיג.

She was very excited; her heart was going **pitapat.**

pit'-box *n.* (פיט'-באקס) די פארטער-לאזשע, איינע פון די אונטערשטע לאזשען [אין א טעאטער].

pitch *v. and n.* (פיטש) ווארפען, שלייידערען; איינעם עפעס צוואווארפען; אריינשלאגען אדער אריינשטעקען עפעס אין דער ערד [ווי ביים אריינשלאגען א פלעקעל צו בעפעסטיגען עפעס]; שטעלען אין ארדנונג, איינריכטען; איינשטעלען דעם טאנארט פון א מוזיק-שטיק; אנגעבען דעם טאן [אין מוזיק]; אין בייסבאל-שפיעל — ווארפען דעם באל צום אבקלאפער; אראבפאלען אין דער נידער; געהן אדער פליהען אין דער ריכטונג ארונטער; אבשטעלען זיך אויף עפעס, אויסקלייבען; שוואנקען, זיך וויעגען, הויבען זיך ארויף און אראב [ווי א שיף אין ים]; אבזעצען זיך; לאגערען; בעשמירען אדער בעגיסען מיט פעך; פעכען; דער פלוג, דער העכסטער אדער טיעפסטער פונקט, צו וועלכען א זאך דערגעהט ביים פליהען אין דער הויך אדער ביים ארונטערלאזען זיך אונטען; דער עקסטרעמער פונקט; דער פונקט, וואו א געווארפענע זאך הויבט זיך אן אראבצובויגען בארג-אראב; איז א געביידע — די משופע'דיגקייט פון דאך; אין מעכאניק — די שטייגונג פון א שרויפען-גאנג [דאס שטיק וואס א שרויף דרעהט זיך אריין אדער דרעהט זיך ארויס דורך איין אומדרעהונג]; די שטרעקע צווישען די צענטערען פון די צייהנער אין א צאהן-ראד; אין מוזיק — די טאן-שטופע [די הויכקייט אדער טיעפקייט פון א טאן]; דער טאנארט; אין בייסבאל-שפיעל — דער ווארף פון באל; די הויכקייט ביז וועלכער א פאלק-פויגעל אדער סאקאל הויבט זיך אויף און פון וועלכער ער פאלט ארונטער אויף זיין רויב; פעך, סמאלע.

pitch a camp (פיטש ע קעמפ) אויפשטעלען א לאגער.

pitch and hus'tle (פיטש ענד האסל) אזא שפיעל, ביי וועלכען מען פיקט מטבעות.

pitch and pay (פיטש ענד פיי). צאהלען גלייך אויף'ן ארט; צאהלען במזומנים.

pitch'-and-toss' *n.* (פיטש'-ענד-טאס') א מין שפיעל, וואו די שפיעלער ווארפען מטבעות צו א געוויסען אנגעצייכענטען פונקט.

pitch a tent (פיטש ע טענט) אויפשטעלען א געצעלט [ווי אין לאגער].

pitch'-black *a.* (פיטש'-בלעק) פעך-שווארץ, שווארץ ווי פעך.

pitch'-blende *n.* (פיטש'-בלענד) פעך-בלענדע אדער אוראניום-פעך-ערץ [א מין מעטאל וואס געפינט זיך אין פעכיג-שווארצע ערד-מאסען].

pitch'-board *n.* (פיטש'-באורד) א פאר-ריכטונג צו בעשטימען די אויסבויגונג פון טרעפ.

pitch'-boat *n.* (פיטש'-באוט) א שיפעל, אויף וועלכען מען שמעלצט פעך אויסצופעכען א גרויסע שיף.

pitch but'tons (פיטש באטנז) שפיעלען אין גריבלעך מיט קנעפלעך.

pitch'-chain *n.* (פיטש'-טשיין) א ראד-קייט, א קייט פון מעטאלענע פלאטען צו בעוועגען א ראד.

pitch'-coal *n.* (פיטש'-קאול) דער נאגאט אדער שווארצער בורשטין [א הארטער גלאנציגער שטיין-קויהל, פון וועלכען מען מאכט בראסלעטען, אויערינגלעך, בראשען א. ד. ג.].

pitch'-dark *a.* (פיטש'-דארק) שטאק-פינסטער.

pitched *a.* (פיטשט) אלץ צוגעגרייט פון פריהער, פלאנמעסיג, לויט'ן רעגעל; משופע'דיג; געניגט בארג-אראב.

pitched bat'tle (פיטשט בעטל) א שלאכט, וואו די סאלדאטען פון די פיינדליכע ארמעען שטויסען זיך צונויף אין א האנד-געפעכט.

The enemy was routed in a **pitched battle.**

pitched roof (פיטשט רוהף) א משופע'דיגער דאך.

pitched work (פיטשט הוואירק) א וואנד פון ניט געטעסעטע שטיינער וואס ווערען געלעגט ניט אין א געוויסער ארדנונג, נאר אזוי אז זיי זאלען זיך בלויז צונויפפאסען.

pitch'er *n.* (פיטש'-ער) א קרוג; אין באל-שפיעל — דער באל-ווארפער; איינער וואס ווארפט היי אויף א וואגען.

pitch'er-mold *n.* (פיטש'-ער-מאולד) א מין פורעם, פון וועלכען מען גיסט אויס זעהר דעליקאטע לייםענע כלים. ז. ***pitcher-molding***

pitch'er-mol'ding *n.* (פיטש'-ער-מאול'-דינג) דאס גיסען אין א קרוג-פורעם [דאס מאכען דעליקאטע פאיאנס-כלים דערמיט, וואס מען גיסט אריין שי-

טערע ליים אין פורעם און מען גיסט עס אויס צוריק. פון דיזער אפעראציאן, וועלכע ווערט איבערגעחזר'ט עטליכע מאל, בלייבט אויף די ווענטלעך פון פורעם א דינער שיכט פון ליים. דיזער שיכט נעהמט זיך אראב און ער טריקענט זיך אויס].

pitch'er-plant *n.* (פּיטש'-ער-פּלענט) די קרוג־פלאנצע [א פלאנצע, ביי וועלכער די בלעטער וויקלען זיך צונויף אין דער פארם פון א קרוג]. ז. ***Nepenthes***



Pitcher-plant

pitch'er's box (פּיטש'-ערז באקס) אין באל־שפיעל — דאס פלאץ, וואו עס שטעהט דער באל־ווארפער.

pitch'ers have ears (פּיטש'-ערז העוו איערז) ווענד האבען אויערען, אימעצער קען נאך אונטערהערען.

pitch'er-vase *n.* (פּיטש'-ער-וויים) א קרוג־עהנליכע וואזע.

pitch'-far'thing *n.* (פּיטש'-פאר'-טהינג) ז. ***chuck-farthing***

pitch'fork *n. and v.* (פּיטש'-פאהרק) א היי־גאפעל, א ווילע; א קאמערטאן; ווארפען היי מיט א היי־גאפעל אדער ווילע; אנווארפען, צוזאמענווארפען אין א קופע; א שליידער טהאן, א ווארף טהאן.

pitch in (פּיטש אין) זיך אנהויבען; ענערגיש א נעהם טהאן צו עפעס.
Let us all **pitch in** and finish the job.

pitch'iness *n.* (פּיטש'-אי-נעס) דאס זיין פעך־שווארץ; שווארצקייט; טיעפע דונקעלקייט.

pitch'ing *n.* (פּיטש'-אינג) דאס ווארפען, דאס שליידערען; דאס אויסלעגען א ברעג מיט שטיינער, כדי דאס וואסער זאל איהם ניט אונטערשווינקען; אין ביער־ברויערייען — דאס צוגעבען ביער־הייוועז צו פרישען ניט געאיהרטען ביער.

pitch'ing-machine' *n.* (פּיטש'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס ווערט געברויכט אין ביער־ברויערייען אויסצופעכען פון אינווייניג די פעסער.

pitch'ing-pence *n.* (פּיטש'-אינג-פענס) מארק־געלד, אבצאהל פאר דעם רעכט צו האנדלען אין מארק [אין ענגלאנד].

pitch'ing-piece *n.* (פּיטש'-אינג-פיעס) דער טרעפען־ריגעל [דער באלקען אויף וועלכען די טרעפ זיינען בעפעסטיגט].

pitch'ing-sta'ble *n.* (פּיטש'-אינג-סטיי'בל) א מין גראניט־שטיין [ווערט געברויכט צום ברוקירען].

pitch'ing-tem'perature *n.* (פּיטש'-אינג-טעמ'-פער-ע-טשור) די טעמפעראטור פון ניט־געאיהרטען ביער, ווען מען גיט צו איהם צו הייוועז.

pitch in'to (פּיטש אינ'-טו) 1. אטאקירען אין א דעבאטע; 2. אנפאלען אויף אימעצען; אנברעכען די ביינער.
1. The debaters **pitched into** the argument.
2. The gangster **pitched into** the stranger.

pitch'-ket'tle *n.* (פּיטש'-קעט'ל) ז. ***pitch-pot***

pitch'-la'dle *n.* (פּיטש'-ליידל) א פעך־לעפעל [א לעפעל צום שעפען צולאזענע פעך].

pitch on (פּיטש אן) זיך אויף אימעצען ארויפווארפען.

pitch'-ore *n.* (פּיטש'-אור) ז. ***pitch-blende***

pitch'-pine *n.* (פּיטש'-פאין) די פעך־פיכטע, די פעך־טאנע [א זעהר פעכיגער זארט סאסנע אדער ענלע].



Pitch-pine

pitch'-pipe *n.* (פּיטש'-פאיפ) אין מוזיק — א קליין פייפעל, מיט וועלכען מען גיט אן דעם טאן.

pitch'-plas'ter *n.* (פּיטש'-פלעס'-טער) פעך־פלאסטער.

pitch'-pol'isher *n.* (פּיטש'-פאל'-איש-ער) אן אינסטרומענט צו שלייפען געבויגענע פלעכען [ווי למשל, לינזען].

pitch'-pot *n.* (פּיטש'-פאט) א פעך־טאפ [א טאפ צום קאכען פעך אדער סמאלע].

pitch'stone *n.* (פּיטש'-סטאון) פעך־שטיין [א מין פערהארטעוועטער שווארצער שטיין וואס איז עהנליך צו פעך].

pitch'-tree *n.* (פּיטש'-טריע) ז. ***kauri***

pitch up (פּיטש אפ) ווארפען אין דער הויך.

pitch'-wheel *n.* (פּיטש'-הוויעל) איינער פון צוויי צאהן־רעדער, וועלכע ארבייטען צוזאמען.

pitch'-work *n.* (פּיטש'-הווארק) ארבייט אין א מעטאל־גרוב אונטער דער בעדינגונג, אז די ארבייטער קריעגען א טייל פון דער פראדוקציאן אנשטאט א בעשטימטען לוין.

pitch'y *a.* (פּיטש'-אי) פעכיג; פעך־שווארץ, דונקעל; איינגעשמירט אין פעך.

pit'-coal *n.* (פּיט'-קאול) שטיין־קויהל.

pit'eous *a.* (פּיט'-אי-אס) וואס רופט ארויס רחמנות; וואס פערדיענט מיטלייד; ערבארמליך; קלעגליך; ארעמזעליג.

pit'eously *adv.* (פּיט'-אי-אס-לי) ארויסרופענדיג רחמנות; פערדיענענדיג מיטלייד; יאמערליך, ערבארמליך; קלעגליך; ארעמזעליג.

pit'eousness *n.* (פּיט'-אי-אס-נעס) דאס זיין ארעמזעליג אדער קלעגליך; דאס האבען מיטלייד אדער רחמנות.

pit'fall *n.* (פּיט'-פאהל) א פאל־גרוב [א פערדעקטע גרוב וואס ווערט געמאכט אז חיות זאלען אין איהר ארייננפאלען אום זיי צו פאנגען]; א בעהאלטענע געפאהר.

pith (פּיטה) דאס הארץ פון פלאנצען; דער אינווענינגסטער קערן פון א האר; דאס הערצעל פון א פעדער; דער רוקען־מארך; דער קערן, דער עיקר; דער תוך, דער קווינטעסענץ; קראפט; ענערגיע; מאכט; וויכטיגקייט.

pith'ily *adv.* (פּיטה'-אי-לי) אויף א קרעפטיגען אופן; מיט קראפט, מיט מאכט; ענערגיש.

pith'iness *n.* (פּיטה'-אי-נעס) שטארקייט, קרעפטיגקייט; מאכט, ענערגיע.

pith'less *a.* (פּיטה'-לעס) קראפטלאז; שוואך.

pit'hole *n.* (פּיט'-האול) א גריבעל; א גריבעל וואס בלייבט פון א פאק.

pith'os *n.* (פּיטה'-אס) אזא גרויסע הויכע ליימענע וואזע אין אלט־גריכענלאנד, וועלכע פלעגט בענוצט ווערען צו האלטען תבואה, ווייך א. ז. וו. און אויף צו בעגראבען אין איהר א טויטען.

pith'some *a.* (פּיטה'-סאם) שטארק, קרעפטיג.

pith'-work *n.* (פּיטה'-הווארק) זאכען געמאכט פון דעם הארץ פון געוויסע ביימער.

pith'y *a.* (פּיטה'-אי) 1. מארכיג; קרעפטיג, שטארק; ענערגיש; אינהאלטסרייך, קורץ און שארף; 2. וואס בעשטעהט פון דעם הארץ־שטאף פון פלאנצען.
1. As a public speaker he is noted for his many **pithy** sayings.

pit'iable *a.* (פּיט'-אי-עבל) בעדויערנסווערטה; מיטליידסווערטה; יאמערליך, ערבארמליך.
The sight of the beggars was **pitiable**.

pit'iableness *n.* (פּיט'-אי-עבל-נעס) ערבארמליכקייט, א רחמנות'דיגער אדער בעדויערנסווערטהער צושטאנד.

pit'iably *adv.* (פּיט'-אי-ע-בלי) אויף א בעדויערנסווערטהען אופן; מיטליידסווערטה.

pit'ier *n.* (פּיט'-אי-ער) איינער וואס האט מיטלייד.

pit'iful *a.* (פּיט'-אי-פול) מיטליידספאל; יאמערליך, קלעגליך, ערבארמליך; ארעמזעליג; עלענד.

pit'ifully *adv.* (פּיט'-אי-פול-אי) דערוועקענדיג מיטלייד אדער בעדויערען; מיט מיטלייד, מיט בעדויערען; יאמערליך, קלעגליך; ארעמזעליג; עלענד.

pit'ifulness *n.* (פּיט'-אי-פול-נעס) ערבארמליכקייט; יאמערליקייט; קלעגליכקייט; א בעדויערנסווערטהער צושטאנד.

pit'iless *a.* (פּיט'-אי-לעס) אהן מיטלייד, אונבארמהערציג, אהן רחמנות; וואס דערוועקט ניט קיין מיטלייד.

pit'ilessly *adv.* (פּיט'-אי-לעס-לי) ניט דערוועקענדיג קיין מיטלייד; אונבארמהערציג.

pit'ilessness *n.* (פּיט'-אי-לעס-נעס) אונבארמהערצינקייט; מיטליידסלאזיגקייט; דאס ניט קענען דערוועקען קיין מיטלייד.

pit'man *n.* (פּיט'-מען) א גרובען־ארבייטער [אן ארבייטער וואס טהוט אן ארבייט אין א שאכטע]; אין מעכאניק — א פערבינדונגס־שטאנג צו איבערגעבען אדער צו איבערנעהמען א בעוועגונג.

pit'man-coup'ling *n.* (פּיט'-מענ-

קאַפּ'-לינג) די פערבינדונגס⸗פאַרריכטונג פון אַ פערבינדונגס⸗שטאַנג מיט דעם טייל פון דער מאַשין צו וועלכען ער גיט איבער אָדער פון וועלכען ער נעהמט איבער די בעוועגונג.

pit'man-press *n.* (פּיט'-מען-פּרעס) אַ פּרעס וואָס ווערט בעטריבען דורך אַ פערבינדונגס⸗שטאַנג אנשטאַט דורך אַן עקסצענטריק.

pit'pan *n.* (פּיט'-פּען) אַזאַ גאַנץ לאַנגעס, שמאָלעס און פלאַכעס שיפעל מיט שפּיציגע ענדען [אין צענטראַל⸗אַמעריקאַ].

pit'pat *adv.* and *n.* (פּיט'-פּעט) דאָס פּלאַטערען, דאָס שנעלע קלאַפּען פון עפּעס, אַ האַרץ⸗קלאַפּעניש; פּלאַטערענדיג, ציטערענדיג, שנעל קלאַפּענדיג [ווי דאָס האַרץ, למשל].

pit'-saw *n.* (פּיט'-סאָה) אַ שראָט⸗זעג [אַזאַ לאַנגע זעג, וועלכע ווערט בענוצט צו זעגען קלעצער. עס זעגען מיט איהר צוויי אַרבייטער, איינער שטעהט איבער'ן קלאָץ און ציהט די זעג אַרויף און דער אַנדערער שטעהט אונטער'ן קלאָץ און ציהט די זעג אַראָב. אָפט ווערט דאָס זעגען איינגעריכטעט איבער אַ גרוב און דער אַרבייטער וואָס ציהט די זעג אַראָב שטעהט אין גרוב].

Pit-saw

pit'-saw'er *n.* (פּיט'-סאָה'-ער) דער גרובען⸗זעגער [דער זעגער וואָס שטעהט אונטער'ן קלאָץ]. ז. *pit-saw*

pit'tacal *n.* (פּיט'-ע-קעל) אַזאַ בלויער שטאָף וואָס ווערט בענוצט אַלס פאַרב [ווערט פּראָדוצירט פון דעם טער פון אַ געוויסען בוים].

pit'tance *n.* (פּיט'-ענס) אַ פּאַרציע [שפּייז]; אַ חלק; אַ קליינער טייל; אַ קליינע נדבה [פון געלד, שפּייז א. ד. ג.].

pit'tancer *n.* (פּיט'-ענ-סער) דער שפּייז⸗מייסטער אין אַ קלויסטער וועלכער טיילט אויס שפּייז⸗פּאַרציעס אָדער נדבות צו אָרימע אין געוויסע בעשטימטע ימים טובים.

pit'ted *a.* (פּיט'-עד) געשטופּעלט [ווי פון פּאָקען]; מיט גריבלעך.

pit'ter *n.* (פּיט'-ער) איינער וואָס נעהמט אַרויס דיביינדלעך [קערלעך] פון פּרובטען; אַ מאַשין אַרויסצונעהמען די ביינדלעך פון פלוימען, פערסיקעס און ענליכע פּרוכטען.

pit'ting *n.* (פּיט'-אינג) דאָס גראָבען אָדער מאַכען אַ גרוב; דאָס אַריינלעגען אין אַ גראָב; אַ גריבעל [ווי פון פּאָקען]; אַ רייהע גריבעלעך אָדער פּאָקען⸗סמנים; דאָס בעדעקט ווערען מיט גריבעלעך און פּערטיעפונגען [ווי למשל, דער דעק פון אַ שיף אָדער דער אינוועניגסטער טייל פון אַ דאַמפף⸗קעסעל].

pitui'ta *n.* (פּיט-יו-אַי'-טאַ) שליים, ליחה.

pit'uitary *a.* (פּיט'-יו-אי-טע-רי) וואָס גיט אַרויס שליים אָדער ליחה; שליימיג.

pit'uite *n.* (פּיט'-יו-איט) ז. *pituita*

pitui'tous *a.* (פּיט-יו-אַי'-טאָס) ז. *pituitary*

pit'-vi'per *n.* (פּיט'-וואַי'-פּער) אַזאַ גיפטיגע שלאַנג [ווערט אַזוי גערופען ווייל זי האָט אַ גריבעל צווישען די אויגען און נאָז]; אַ שלאַנג פון דעם מין קלאַפּער⸗שלאַנגען [ז. *rattlesnake*].

pit'-wood *n.* (פּיט'-הוואוד) האָלץ וואָס ווערט בענוצט אין גרובען, שאַכטען א. ד. ג.

pit'-work *n.* (פּיט'-הוואירק) די פּומפּען⸗סיסטעם מיט די געהעריגע פערבינדונגס⸗שטאַנגען אין אַ שאַכטע אָדער מינע.

pit'y *n.* and *v.* (פּיט'-אי) 1. מיטלייד, רחמנות; 2. עטוואָס וואָס רופט אַרויס בעדויערען, אַ שאָד; 3. האָבען מיטלייד.

2. It is a **pity** you could not meet me at the appointed time.

pit'yingly *adv.* (פּיט'-אי-אינג-לי) אַרויסווייזענדיג מיטלייד.

pityri'asis *n.* (פּיט-אי-ראַי'-ע-סיס) אַזאַ הויט⸗קראַנקהייט, ביי וועלכער די הויט שיילט זיך אין קלייען⸗פערמיגע שופּען.

pit'yroid *a.* (פּיט'-אי-ראָיד) ווי קלייען, קלייען⸗פערמיג.

piv'ot *n.* and *v.* (פּיוו'-אָט) אַ צאַפּען, אַ שטיפט, אַן אַקס אַרום וועלכען עטוואָס דרעהט זיך; דער פּונקט אַרום וועלכען דער גאַנצער ענין דרעהט זיך; דער פּונקט פון וועלכען אַלעס הענגט אָב; אין מיליטער⸗מושטירונג — דער אָפיציער אָדער סאָלדאַט אַרום וועלכען עס דרעהט זיך אַ ליניע סאָלדאַטען; אַרויפשטעלען אויף אַ צאַפּען אָדער שטיפט; זיך דרעהען אַרום אַ צאַפּען אָדער שטיפט.

piv'otal *a.* (פּיוו'-אָט-על) אַרום וואָס עס דרעהט זיך; פון וואָס דער גאַנצער ענין הענגט אָב.

In American politics, New York is the **pivotal** state.

piv'otally *adv.* (פּיוו'-אָט-על-אי) מיט דער הילף פון אַ צאַפּען אָדער שטיפט.

piv'ot-gun *n.* (פּיוו'-אָט-גאַן) אַ האַרמאַט אויף אַזאַ ראַהם⸗שטענדער דורך וועלכען מען קען איהם דרעהען אין פערשיעדענע ריכטונגען.

piv'oting *n.* (פּיוו'-אָט-אינג) דאָס אַריינשטעלען אַ שטיפט⸗צאָהן [אַ קינסטליכער צאָהן אָדער צאָהן⸗קרוינדעל מיט אַ שטיפט, וועלכער ווערט אַריינגעשטעלט אין דעם וואָרצעל פון דעם נאַטירליכען צאָהן].

piv'ot-man *n.* (פּיוו'-אָט-מען) אין מיליטער⸗מושטירונג — דער אָפיציער אָדער סאָלדאַט אַרום וועלכען עס דרעהט זיך אַ גאַנצע ליניע סאָלדאַטען.

piv'ot-tooth *n.* (פּיוו'-אָט-טוהטה) אַ שטיפט⸗צאָהן. ז. *pivoting*

pix'y *n.* (פּיק'-סי) אַ פּעע [איינע פון די איבערנאַטירליכע וועזענס אין פּרויען⸗געשטאַלטען, וועלכע — לויט דעם גלויבען פון די פאָלקס⸗מאַסען — טאַנצען ביי נאַכט אין די פעלדער און די וועלדער].

pix'y-led *a.* (פּיק'-סי-לעד) פערפיהרט פון פּעען [איבערנאַטירליכע פאַנטאַסטישע בעשעפענישען אין פּרויען⸗געשטאַלט]; צוטומעלט, צומישט.

pix'y-stool *n.* (פּיק'-סי-סטוהל) אַ שוועמעל.

pizzica'to *a.* (פּיט-סי-קאַ'-טאָ) פּיטשיקאַטאָ [דאָס פּיקען מיט די פינגער איבער די סטרונעס פון שטרייך⸗אינסטרומענטען].

piz'zle *n.* (פּיזל) דאָס מענליכע געשלעכטס⸗גליעד ביי חיות.

pk. אַן אַבקירצונג פון *peck* אָדער פון *park*

pkg. אַן אַבקירצונג פון *package*

pl. אַן אַבקירצונג פון *plural*

placabil'ity *n.* (פּליי-קע-ביל'-אי-טי) פערגעבליכקייט, די נאַטור זיך צו לאָזען לייכט איבערבעטען.

pla'cable *a.* (פּליי'-קעבל) וואָס קען לייכט איבערגעבעטען ווערען.

pla'cableness *n.* (פּליי'-קעבל-נעס) ז. *placability*

pla'cably *adv.* (פּליי'-קע-בלי) פערגעבליך, פערצייהליך; לאָזענדיג זיך לייכט איבערבעטען.

plac'ard *n.* and *v.* (פּלעק'-אַרד) אַ פּלאַקאַט, אַן אַפישע; אַ יאַרליק; אויסהענגען פּלאַקאַטען; לאָזען וויסען דורך אַפישען.

pla'cate *v.* (פּליי'-קייט) איבערבעטען, בערוהיגען; "פערשטאָפּען דאָס מויל".

It was all but impossible to **placate** him.

placa'tion *n.* (פּלע-קיי'-שאָן) איבערבעטונג; עטוואָס וואָס רופט אַרויס מחילה אָדער פערצייהונג.

place *n.* and *v.* (פּליים) אַ פּלאַץ, אַן אָרט; רוים; לאַגע, וואָהנאָרט; אַ פּריצישער הויף; אַ פעסטונג; אַ שטעלע; אַן אַמט; געזעלשאַפטליכע שטעלונג; דאָס זיין פּראָמינענטער, העכער אין ראַנג אָדער וויכטיגקייט; גרונד, אורזאַכע; גיבען אַ פּלאַץ, שטעלען, לעגען, זעצען; אויסשטעלען אין אָרדנונג; גיבען אַ שטעלע אָדער בעשעפטיגונג; איינלעגען [געלד אין אַ געשעפט].

place'bo *n.* (פּלע-סיע'-באָו) אַ רפואה וואָס מען גיט דעם חולה ניט צו היילען נאָר צו בערוהיגען איהם; אַ תפלה פאַר די טויטע [ביי די קאַטוילִיקען].

place'-brick *n.* (פּליים'-בריק) אַ ניט גוט דורכגעברענטער ציגעל.

place'-bro'ker *n.* (פּליים'-בראָו'-קער) איינער וואָס האַנדעלט מיט קהל'שע עמטער, איינער וואָס ציהט פערזענליכע נוצען פון אויסטיילען קהל'שע עמטער.

place'-hol'der *n.* (פּליים'-האָול'-דער) אַ בעאַמטער; אַן אַנגעשטעלטער.

place'-hun'ter *n.* (פּליים'-האַנ'-טער) איינער וואָס יאָגט זיך נאָך קהל'שע שטעלען.

place'less *a.* (פּליים'-לעס) אָהן אַ שטעלע, אָהן אַן אַמט.

place'man *n.* (פּליים'-מען) אַ בעאַמטער; אַ רעגיערונגס⸗בעאַמטער; אַן אַנגעשטעלטער.

place'monger *n.* (פּליים'-מאַנ-גער) ז. *place-broker*

place'-name *n.* (פּליים'-ניים) אַ נאָמען פון אַן אָרט, פּלאַץ אָדער געגענד.

placen'ta *n.* (פּליי-סענ'-טאַ) די פּלאַצענטאַ [דער אָרט, די איינהילונג, אין וועלכער דאָס קינד געפינט זיך אין דער מוטער'ס בויך און וועלכע געהט אַרויס נאָך דער געבורט; דאָס הייטעל, אין וועלכען עס געפינען זיך די קערנדלעך פון אַ פּלאַנצע].

placen'tal *a.* and *n.* (פּלע-סענ'-טעל) וואָס איז שייך צו דער פּלאַצענטאַ אָדער צום אָרט; וואָס קומט פון דער פּלאַצענטאַ אָדער פאָרמירט די פּלאַצענטאַ; וואָס האָט אַ פּלאַצענטאַ; אַ בעשעפעניש מיט אַ פּלאַצענטאַ. ז. *placenta*

placenta'lian *n.* and *a.* (פּלעס-ענ-טיי'-לי-ען) אַ בעשעפעניש וואָס פערמאָגט אַ פּלאַצענטאַ; וואָס איז שייך צו אַזאַ בעשעפעניש. ז. *placenta*

plac'entary *a.* and *n.* (פּלעס'-ענ-טע-רי) וואָס איז שייך צו דער פּלאַצענטאַ אָדער צום אָרט; וואָס איז שייך צו די בעשעפענישען וואָס האָבען פּלאַצענטאַס; אַ בעשעפעניש וואָס האָט אַ פּלאַצענטאַ; אין באָטאַניק — אַ פּלאַצענטאַ מיט פיעל קערנדלעך. ז. *placenta*

placenti'tis *n.* (פּלעס-ען-טאַי'-טיס) ענטציגדונג פון דער פּלאַצענטאַ [ארט]. ז. *placenta*

pla'cer *n.* (פּליי'-סער) איינער וואס שטעלט, לעגט אדער זעצט; דאס ארט וואו מען וואשט גאלד-שטיינער.

pla'cet *n.* (פּליי'-סעט) א סאנקציע, אן ערלויבניס, אן אבשטימונג אין דער פערוואלטונג פון אן אוניווערזיטעט; א שטימע אויף יא.

plac'id *a.* (פּלעס'-איד) רוהיג, געלאסען, מילד, זאנפט.

• Her placid features attracted us.

placid'ity *n.* (פּלע-סיד'-אי-טי) רוהיגקייט, געלאסענקייט, מילדקייט, זאנפטקייט.

plac'idly *adv.* (פּלעס'-איד-לי) מיט רוהיגקייט אדער געלאסענקייט; אויף א מילדען, זאנפטען אופן.

plac'idness *n.* (פּלעס'-איד-נעס) ז. *placidity*

plack *n.* (פּלעק) א פארצייטיגע קליינע קופערנע שאטלענדישע מטבע [אונגעפעהר צוויי-דריטעל פון א' אמעריקאנישען סענט].

plack'et *n.* (פּלעק'-עט) דער אויבערשטער שפּאלט פון א פרויען-קלייד [דער ראספּאר]; אן אונטער-ראק, א ספּאדניצע; א פרוי.

plack'et-hole *n.* (פּלעק'-עט-האול) דער אויבערשטער שפּאלט אין א פרויען-קלייד, דער ראספּאר.

plac'oderm *a. and n.* (פּלעק'-א-דוירם) ז. *placoid*

plac'oid *a. and n.* (פּלעק'-איד) עהנליך צו א פּלאטע אדער ברעטעל [בנוגע צו די שופּען פון געוויסע פיש, ווי למשל, האי-פיש]; וואס האט פּלאטען-עהנליכע שופּען [וועגען פיש]; א פיש מיט פּלאטען-עהנליכע שופּען [לוסקעס].

pladaro'ma *n.* (פּלעד-ע-ראו'-מא) ז. *pladarosis*

pladaro'sis *n.* (פּלעד-ע-ראו'-סיס) אן אנוואוקס, א בארעדעווקע אויף'ן אוינען-לעדעל.

pladaro'tis *n.* (פּלעד-ע-ראו'-טיס) ז. *pladarosis*

plafond' *n.* (פּלע-פאנד') דער פּלאפאנד [א געמאלטע סטעליע].

pla'ga *n.* (פּליי'-גא) — א אין זאלאגיע פארב-שטרייף.

pla'gate *a.* (פּליי'-גייט) געשטרייפט.

pla'giarise *v.* (פּליי'-דזשי-ע-ראיז) ז. *plagiarize*

pla'giarism *n.* (פּליי'-דזשי-ע-ריזם) פּלאגיאט, ליטערארישע גנבה, דאס אויסגעבען פאר אייגענע פרעמדע ליטערארישע אדער קונסט-ווערק, דאס בענוצען זיך מיט פרעמדע געדאנקען פאר ליטערארישע און קונסט-ווערק.

pla'giarist *n.* (פּליי'-דזשי-ע-ריסט) א פּלאגיאטאר, א געדאנקען-גנב, א ליטערארישער גנב, איינער וואס גיט ארויס פרעמדע ליטערארישע און קונסט-ווערק אלס אייגענע אדער בענוצט זיך מיט פרעמדע געדאנקען פאר אזעלכע ווערק.

pla'giarize *v.* (פּליי'-דזשי-ע-ראיז) בעגעהן א פּלאגיאט אדער ליטערארישע גנבה. ז. *plagiarism*

pla'giary *n. and a.* (פּליי'-דזשי-ע-רי) א פּלאגיאטאר; וואס בעגעהט א פּלאגיאט. ז. *plagiarism*

plagihe'dral *a.* (פּליי-דזשי-הי'-דרעל) מיט א שיעפער פּלעכע [וועגען קריסטאלען].

pla'gionite *n.* (פּליי'-דזשי-א-נאיט) דער פּלאגיאניט [א שוועבעל-פערבינדונג פון אנטימאן און בליי].

pla'giostome *n.* (פּליי'-דזשי-א-סטאום) א געוויסער מין פיש, ביי וועלכע דאס מויל איז ברייט און אביסעל קרום [ווי די פערשיעדענע זארטען האי-פיש].

pla'gium *n.* (פּליי'-דזשי-אם) דאס גנב'ענען מענשען.

plague *n. and v.* (פּלייג) א פּלאג; א מגפה; א פעסט, א מגפה; אנשטעקען מיט פעסט; פּלאגען, קוועלען, פייניגען.

plague'-boil *n.* (פּלייג'-באָיל) ז. *plague-sore*

plague'-mark *n.* (פּלייג'-מארק) ז. *plague-spot*

pla'guer *n.* (פּליי'-גער) א פּלאגער, א פייניגער, א קוועלער.

plague'-sore *n.* (פּלייג'-סאור) א פעסט-געשוויר, אן אויסשלאג אויף דעם לייב וואס קומט פון א מגפה-קראנקהייט אדער סתם פון א מיאוס'ער, אנשטעקענדער קראנקהייט.

plague'-spot *n.* (פּלייג'-ספּאט) א פעסט-פלעק, א צייכען אויף'ן לייב וואס קומט פון א מגפה-קראנקהייט אדער סתם פון אן אנשטעקענדער, מיאוס'ער קראנקהייט; א טייל פון קערפּער וואס איז הויפּטזעכליך אנגעשטעקט מיט א מיאוס'ער, אנשטעקענדער קראנקהייט.

plague upon' you (פּלייג א-פּאן' יו) א כאלעריע! א מגפה אויף אייך! א פּלאג אויף אייך!

pla'guily *adv.* (פּליי'-גי-לי) פּלאגענדיג; קוועלענדיג, פייניגענדיג; אונגעהייער, זעהר; שרעקליך.

pla'guy *a. and adv.* (פּליי'-גי) פּלאגענד, פייניגענד; קוועלענד, פייניגענד; אונגעהייער, שרעקליך, פערפלוכט.

plaice *n.* (פּלייס) דער פּלאטוס אדער פּלאטעסע [א מין ברייטער פּלאטשיגער ים-פיש וואס געפינט זיך ארום ענגלאנד. ז. איל.]; א פּלאנדערקע, א פּלאך-פיש.



Plaice

plaid *n. and a.* (פּלייד) א פלעד, א מין שאטלענדישער געקעסטעלטער מאנטעל אדער שאל וואס ווערט געטראגען אלס מאנטעל; א רייזע-דעקע; א געקעסטעלטער וואלען-שטאף; א געקעסטעלטער מוסטער אדער אוזאר; געקעסטעלט [הויפּטזעכליך וועגען געוועבטע שטאפען].

plaid'ed *a.* (פּלייד'-עד) וואס טראגט א פלעד; געמאכט פון דעם שטאף פון וועלכען מען מאכט געוועהנליך שאטלענדישע פלעדען; געקעסטעלט [וועגען געוועבטע שטאפען]. ז. *plaid*

plaid'en *n.* (פּלייד'-ען) ז. *plaiding*

plaid'ing *n.* (פּלייד'-אינג) דאס צייג פון א פלעד: אזא פּלאנעל-ארטיגעס וואל-צייג; א געקעסטעלטער מוסטער אדער אוזאר. ז. *plaid*

plain *a., adv., n. and v.* (פּליין) גלייך, גלאט, גראד, פּלאך; פּשוט; אפען, אפענהערציג, אהן חכמות, אהן המצאות; קלאר, דייטליך; געוועהנליך; איינפאך; אהן קאלירען, אהן מוסטערען, אהן צאצקעס, אהן בעפּוצונגען; א פּלעכע; א פּלאך שטיק לאנד; א שלאכטפעלד; א פּלאץ ארומגערינגעלט מיט הייזער; מאכען קלאר און דייטליך, ערקלערען; בעוויינען, בעקלאגען; טרויערען.

plai'nant *n.* (פּליי'-נענט) ז. *plaintiff*

plain as a pike'staff (פּליין עז ע פּאיק'-סטעף) גאנץ פּשוט, קלאר ווי דער טאג.

plain'backs *n.* (פּליינ'-בעקס) באמבאזין-שטאף [אזא לייכטער וואלענער אדער זיידענער שטאף].

plain'-chant *n.* (פּליינ'-טשענט) ז. *plain-song*

plain clothes (פּליין קלאוטהז) ציוויל-קליידער [ניט קיין אוניפארם-קליידער].

plain clothes man (פּליין קלאוטהז מען) א פּאליציי-בעאמטער וואס געהט אנגעטהאן אין ציוויל-קליידער [ניט אין אן אוניפארם].

plain'-dea'ler *n.* (פּליינ'-דיע'-לער) אן אפענהערציגער אדער עהרליכער מענש.

plain'-dea'ling *a. and n.* (פּליינ'-דיע'-לינג) אפען, אפענהערציג, עהרליך; אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט.

plain Eng'lish (פּליין אינג'-ליש) קלארע דבורים, דייטליך.

plain'-hear'ted *a.* (פּליינ'-הער'-טעד) אפענהערציג, אויפריכטיג.

plain'-hear'tedness *n.* (פּליינ'-הער'-טעד-נעס) אפענהערציגקייט, אויפריכטיגקייט.

plai'ning *n.* (פּליי'-נינג) טרויער, יאמער, געוויין.

plain'ly *adv.* (פּליינ'-לי) פּשוט; איינפאך; אהן צאצקעס, אהן בעפּוצונגען; דייטליך, קלאר; אפענהערציג, אויפריכטיג.

plain'ness *n.* (פּליינ'-נעס) גלייכקייט, גראדקייט, פּלאכקייט [פון אן ארט]; איינפאכקייט; פּשוט'קייט; דייטליכקייט.

plain sail'ing (פּליין סייל'-אינג) א לייכטע, אונגעשטערטע רייזע אויף'ן וואסער; דאס געהן גוט און אונגעשטערט [אין וועלכער ניט איז אונטערנעהמונג].

plain'-song *n.* (פּליינ'-סאהנג) דער גרעגאריאנישער קירכען-געזאנג, אן איינפאכער אייג-טאניגער געזאנג, ווי אין די קריסטליכע קירכען אין די אלטע צייטען; קלארע, אפענע דבורים.

plain'-spea'king *n.* (פּליינ'-ספּיע'-קינג) אויפריכטיגקייט און אפענהערציגקייט פון רעדען; אן אויפריכטיגע, אפענהערציגע רעדע.

plain'-spo'ken *a.* (פּליינ'-ספּאו'-קען) וואס איז ארויסגעזאגט געווארען אויפריכטיג אדער אפענהערציג.

plaint *n.* (פּליינט) א טרויעריגע קלאגע; דאס בעקלאגען זיך, דאס קלאגען; א טרויעריגער אדער ערנסטער געזאנג.

plaint'ful *a.* (פּליינט'-פול) קלאגענד, זיך קלאגענד; אנקלאגענד.

plain'tiff *n.* (פּליינ'-טיף) א קלעגער, אן אנקלאגער.

plain'tive *a.* (פּליינ'-טיוו) קלאגענד; יאמערענד; טרויעריג.

plain'tively *adv.* (פּליינ'-טיוו-לי) אויף א קלאגענדען אדער יאמערענדען אופן; טרויעריג, קלעגליך.

plain'tiveness *n.* (פּליינ'-טיוו-נעס) קלעגליכקייט, קומער, טרויער, יאמער.

plaint'less *a.* (פּליינט'-לעס) קלאגלאז, אהן קלאג.

plain truth (פליין טרוהטה) דער ריינער אמת.

plain'-work *n.* (פליינ'-הוואירק) דאס איינפאכע נעהעה [אין נעגענזאץ צו שטי־קעריי].

plait *n. and v.* (פלייט) א פאלב, א פאלט, א פלעכט, א צאפ; פאלבען, מא־כען פאלטען; פלעכטען; פילצעווען.

plai'ted *a.* (פליי'-טעד) 1. געפאלבט, געפאלטעוועט; מיט פעלבלעך; 2. גע־פלאכטען.

1. He bought a shirt with a plaited bosom.

plai'ter *n.* (פליי'-טער) א פאלבען־מא־כער; א געצייג צו מאכען פאלבען [פאל־טען]; א פלעכטער.

plai'ting *n.* (פליי'-טינג) דאס מאכען פאלבען [פאלטען]; פלעכט־ארבייט; אין היט־פאבריקאציאן — דאס פילצעווען.

plai'ting-machine' *n.* (פליי'-טינג-מע-שיין') א פאלב־מאשין, א מאשין צו מאכען פאלבען [פאלטען] אין־ צייג.

plan *n. and v.* (פלען) א פלאן, א פרא־יעקט; א פלאן־צייכנונג, א גרונד־ריס צייכנונג [א צייכנונג וואס ווערט געמאכט פון א געביידע, פון א מאשין א. ד. ג. אין א האריזאנטאלען שניט, ד. ה. אין דער לאגע ווי מען קוקט פון אויבען]; מאכען א פלאן; פראיעקטירען; צייכנען א פלאן; פלאנעווען.

pla'nar *a.* (פליי'-נאר) פלאך; וואס גע־פינט זיך אויף א פלעכע.

pla'nary *a.* (פליי'-נע-רי) ז. *planar*

pla'nate *a.* (פליי'-נייט) איינגע־פלאך, פלעטשט [וועגען איינזעקטען].

planch *n.* (פלענטש) אזא פלאכע פאר־קאווע פאר א מויל־עזעל; א געברענטע ציעגעל־פלאטע וואס ווערט בענוצט אונ־טערצוהיצען ליימענע כלים, ווען זיי ווע־רען געברענט אין אויוועז און עמאלירט.

plan'chet *n.* (פלענ'-טשעט) א מינץ־פלאטע [א שטיקעל מעטאל וואס איז פערפערטיגט אויסצוקלאפען דערפון א מטבע].

planchette' *n.* (פלענ-טשעט') א ווינ־קעל־מעסטער [ז. *circumferentor*]; א פלאנקע, א ברעט; אזא קליין ברעטעל אויף פיסלעך מיט רעדלעך, צו וועלכען עס איז בעפעסטיגט א בליישטיפט, וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען פון די ספי־ריטיסטען. מען האט געגלויבט, אז ווען איי־נער אדער מעהרערע פערזאנען לעגען לייכט ארויף זייערע פינגער אויף'ן ברעטעל, פאנגט עס זיך אז בעוועגען און דער בליי־שטיפט פערשרייבט ווערטער און זעצע אונאבהענגיג פון דעם ווילען פון די פער־זאנען, וועלכע האלטען זייערע פינגער אויף'ן ברעטעל.

plane *n., a. and v.* (פליין) אן עבענע, א פלעכע; א פלאכקייט; אן ענטוויקלונגס־גראד; א הובעל; דער פלאטאנע־בוים [אזא קליינער אמעריקאנער בוים, וועל־כער וואקסט אין פייכטע געגענדען. זיין האלץ איז העל־ברוין און הארט]; פלאך; וואס האט א פלאכע אויבערפלעכע; וואס ליעגט אין א פלעכע אדער עבענע; הובעלען; גלאט מאכען.



Plane

plane an'gle (פליין ענגל) א גלייכער אדער גראד־ליניגער ווינקעל.

plane'-bit *n.* (פליינ'-ביט) דאס הובעל־אייזען [פון א הובעל].

plane geom'etry (פליין דזשי-אמ'-ע-טרי) פלאנימעטריע [דער טייל פון געא־מעטריע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דער מעסטונג און בעשרייבונג פון פלעכען].

plane'-guide *n.* (פליינ'-גאיד) א הובעל־פיהרער [אזא פארריכטונג צו א הובעל, אז ער זאל געפיהרט ווערען גראד, ווען מען דארף הובלען שרעגע ענדען פון ברעט־טער].

plane'-i'ron *n.* (פליינ'-אי'-ערן) דאס הובעל־אייזען.

plane'ness *n.* (פליינ'-נעס) דאס האבען אדער זיין א פלעכע אדער עבענע; פלאכ־קייט.

plane of projec'tion (פליין אוו פרא-דזשעק'-שאן) ז. *perspective plane*

plane of the pic'ture (פליין אוו טהי פיק'-טשור) ז. *perspective plane*

plane'-plane *a.* (פליינ'-פליין) וואס האט צוויי פלעכען וועלכע זיינען פאראַ־לעל איינע צו דער אנדערער.

pla'ner *n.* (פליי'-נער) א הובעל, א הובעל־אינסטרומענט; אין דרוקעריי — אזא קלעצעל מיט וועלכען מען גלייכט אויס דעם זאץ.

plane'-sail'ing *n.* (פליינ'-סייל'-אינג) דאס בעשטימען די לאגע פון א שיף, ניט רעכענענדיג זיך ביי דער אויסרעכענונג מיט דער רונדקייט פון דער ערד.

plane'-stock *n.* (פליינ'-סטאק) דאס געשטעל פון הובעל [דאס האלץ־שטיק אין וועלכען דאס הובעל־אייזען ווערט אריינ־געשטעלט].

plane survey'ing (פליין סויר-וויי'-אינג) פעלד־מעסטונג, דאס מעסטען לאנד־שטרעקען אלס א גראדע פלעכע [ניט נעהמענדיג אין בעטראכט די רונדקייט פון דער ערד].

plan'et *n.* (פלענ'-עט) א פלאנעט, א וואנדער־שטערען.

plane'-ta'ble *n. and v.* (פליינ'-טיי'-בל) א מעסט־טיש [אן אינסטרומענט פון פעלד־מעסטער, וועלכער בעשטעהט פון א טישעל אויף דריי פיס, וואס מען קען דרעהען און בויגען אין פערשיעדענע ריכ־טונגען]; א משופע'דיגער טיש אדער ברעט וואס ווערט בענוצט אין מעטאל־גרובען, אויף וועלכען דאס ערץ [רויה־מעטאל] ווערט געלעגט; מעסטען פעלד מיט א מעסט־טיש.

plane'-ta'bling *n.* (פליינ'-טיי'-בלינג) דאס בענוצען ביים פעלד־מעסטען א מעסט־טיש. ז. *plane-table*

planeta'rium *n.* (פלען-ע-טיי'-רי-אם) א פלאנעטאריום, אן אסטראנאמישע מא־שין, וועלכע צייגט, דורך די בעוועגונגען פון איהרע טיילען, דעם פלאנעטען־גאנג.

plan'etary *a.* (פלענ'-ע-טע-רי) וואס איז שייך צו א פלאנעט אדער פלאנעטען; וואס האט דעם כאראקטער פון א פלא־נעט; וואנדערענד [ווי א פלאנעט]; אין אסטראלאגיע — וואס איז אונטער דעם איינפלוס פון א פלאנעט.

plan'etary days (פלענ'-ע-טע-רי דייז) די זיבען וואכען־טעג ווי זיי זיינען גע־ווען איינגעטיילט לויט דער צאהל פלא־נעטען, וועלכע זיינען געווען בעוואוסט אין דער אלטער אסטראנאמיע, און יעדער טאג האט געטראגען דעם נאמען פון זיין פלאנעט [ווי זונטאג — דער טאג פון דער זון, מאנטאג — דער טאג פון דער לבנה א. ד. ג.].

plan'etary years (פלענ'-ע-טע-רי ייהרז) די פלאנעטען־יאהרען [דער משך צייט וואס עס נעהמט ביי די פלאנעטען ארומצודרעהען זיך ארום דער זון].

planet'ic *a.* (פלע-נעט'-איק) פלאנע־טיש, וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו א פלאנעט.

planet'ical *a.* (פלע-נעט'-אי-קעל) ז. *planetic*

plan'etoid *n.* (פלענ'-עט-איד) דער פלאנעטאאיד [איינער פון די עטליכע הונדערט קליינע פלאנעטען, וועלכע בע־וועגען זיך ארום דער זון צווישען די שטערען מארס און יופיטער].

planetoi'dal *a.* (פלען-ע-טאי'-דעל) וואס איז שייך צו א פלאנעטאאיד. ז. *planetoid*

plane'-tree *n.* (פליינ'-טריע) דער פלא־טאנע־בוים [אזא קליינער אמעריקאנער בוים וואס וואקסט אין פייכטע געגענדען. זיין האלץ איז העל־ברוין און הארט].

Plane-tree

plan'et-strick'en *a.* (פלענ'-עט-סטריק'ן) ז. *planet-struck*

plan'et-struck *a.* (פלענ'-עט-סטראק) ערשטוינט, פערגאפט; געטראפען פון שלים־מזל.

plan'etule *n.* (פלענ'-עט-יול) א קליי־נער פלאנעט.

plan'et-wheel *n.* (פלענ'-עט-הוויעל) א צאהן־ראד וועלכער דרעהט זיך ארום א צווייטען צאהן־ראד אין דעם וועג פון אן עפיציקלוס [א קרייז וואס זיין מיטעל־פונקט בעוועגט זיך אויף דער פעריפעריע פון אן אנדער קרייז].

plan'gent *a.* (פלענ'-דזשענט) שאלענד, קלאפענד, רוישענד.

planifo'lious *a.* (פלען-י-פאו'-לי-אס) אין באטאניק — וואס האט פלאכע בלע־טער.

pla'niform *a.* (פליי'-ני-פארם) אין אנאטאמיע — ביי וועלכען דער אויבער־שטער טייל איז פלאך [וועגען ביינער פון קערפער, וועלכע זיינען פלאך אין די פונקטען, וואו זיי פערבינדען זיך מיט אנדערע ביינער].

plan'igraph *n.* (פלענ'-אי-גרעף) אן אינסטרומענט צו פערקלענערען אדער פער־גרעסערען צייכנונגען.

planim'eter *n.* (פלע-נימ'-ע-טער) א פלאנימעטער, אן אינסטרומענט אויסצו־מעסטען דעם שטח פון א פלעכע [ווערט געברויכט פון אינזשינערען און צייכנער אויסצומעסטען צייכען־פלענער].

planimet'ric *a.* (פלען-אי-מעט'-ריק)

וואס איז שייך צו פלאנימעטריע אדער צו דער מעסטונג פון א פלעכע.

planimet'rical *a.* (פלעני-אי-מעט'-רי-קעל) ז. ***planimetric***

planim'etry *n.* (פלע-נימ'-עט-רי) פלאנימעטריע [די קונסט צו מעסטען פלאכע ערטער; דער טייל פון געאמעטריע, וואו עס ווערט געלערענט וועגען גלאטע אויבערפלעכען].

pla'ning-bench *n.* (פליי'-נינג-בענטש) די הובעל-באנק [ביי א סטאליער].

pla'ning-machine' *n.* (פליי'-נינג-מע-שין') די הובעל-מאשין, א מאשין צו הובלען האלץ אדער מעטאל.

pla'ning-mill *n.* (פליי'-נינג-מיל) א ווערקשטאט אדער פאבריק וואו מען הובעלט ברעטער; א הובעל-מאשין.

planipet'alous *a.* (פליי-ני-פעט'-ע-לאס) אין באטאניק — וואס האט פלאכע בלומען-בלעטלעך.

planiros'tral *a.* (פליי-ני-ראס'-טרעל) וואס האט א ברייטען און פלאכען שנאבעל.

plan'ish *v.* (פלענ'-איש) מאכען גלאט, מאכען גלאנציג; פאלירען.

plan'isher *n.* (פלענ'-איש-ער) איינער וואס מאכט גלאט אדער גלאנציג; א פאלירער.

plan'ishing-ham'mer *n.* (פלענ'-איש-אינג-העמ'-ער) א האמער וואס ווערט בענוצט צו מאכען גלאט א מעטאלענע פלאטע אדער כלי.

plan'isphere *n.* (פלענ'-אי-ספיר) די פלאניספערע, א קוגעל אדער האלב-קוגעל וואס איז געצייכענט אין דער פארם פון א פלאך-רונדער קארטע; די קארטע פון דעם ערדישען אדער הימלישען האלב-קוגעל.

planispher'ic *a.* (פלעני-אי-ספער'-איק) פלאניספעריש, ווי א פלאניספערע. ז. ***planisphere***

plank *n. and v.* (פלענק) 1. א פלאנקע, א דיק ברעט; עפעס וואס האלט אויף אדער אונטערשטיצט; 2. איינער פון די פונקטען אדער פאראגראפען, וועלכע בילדען אויס דאס פראגראם פון א פאליטישער אדער אנדערער פארטיי; 3. בעשלאגען אדער בעדעקען מיט פלאנקען אדער דיקע ברעטער; 4. עפעס ארויפלעגען [ווי אויף א טיש אדער ברעט]; 5. צושפאלטען א פיש און אבבאקען איהם אויף א ברעטעל.

1. The gangway has strong **planks**. 2. There were twenty **planks** in the platform of our party.

plank down (פלענק דאון) ארויסלעגען [ווי מזומנים]; בעצאהלען אויף'ן ארט.
Plank down cash if you wish the goods.

plan'king *n.* (פלענ'-קינג) דאס בעדעקען אדער בעשלאגען מיט ברעטער; פלאנקען אדער ברעטער אין אלגעמיין; דאס ארומשילעווען אדער בעשלאגען מיט פלאנקען א הילצערנע שיף.

plan'king-clamp *n.* (פלענ'-קינג-קלעמפ) אין שיף-בוי — אן אינסטרומענט וואס בויגט אויס א ברעט, כדי ארומצושילעווען אדער בעשלאגען די שיף.

plan'king-machine' *n.* (פלענ'-קינג-מע-שין') אין הוט-מאנופאקטור — א מאשין צו פילצעווען, גלעטען און פערהארטעווען הים.

plan'king-screw *n.* (פלענ'-קינג-סקרוה) ז. ***planking-clamp***

plank'-nail *n.* (פלענק'-נייל) א ברעט-נאגעל.

plank'ton *n.* (פלענק'-טאן) דער פלאנקטאן, איינער פון די נידריגסטע ארגאניזמען פון חיות און פלאנצען, וועלכע האבען ניט קיין בעוועגונגס-ארגאנען און טראגען זיך מיט'ן שטראם פון וואסער.

plan'less *a.* (פלענ'-לעס) פלאנלאז, אהן א פלאן.

plan'lessly *adv.* (פלענ'-לעס-לי) פלאנלאז; אהן א פלאן.

plan'ner *n.* (פלענ'-ער) א פלאנען-מאכער; א פראיעקטען-מאכער.

pla'no-con'cave *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-קייוו) וואס איז פון איין זייט פלאך און פון דער צווייטער זייט קאנקאוו [רונד אריינגעבויגען].

pla'no-con'ical *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-אי-קעל) וואס איז פלאך פון איין זייט און ווי א קאנוס פון דער צווייטער זייט.

pla'no-con'vex *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-וועקס) וואס איז פלאך פון איין זייט און רונד-ארויסגעבויגען [קאנוועקס] פון דער צווייטער.

plano'dia *n.* (פלע-נאו'-די-א) א פאלשער אדער ניט נארמאלער דורכגאנג [ווי ביי לאזען אורין דורך א קאטעטער].

pla'no-horizon'tal *a.* (פליי'-נאו-האר-אי-זאנ'-טעל) פלאנאהאריזאנטאל, וואס איז פלאך און האריזאנטאל געשטעלט אדער געלעגט.

planom'eter *n.* (פלע-נאמ'-ע-טער) א פלאנאמעטער, אן אייזערנע פלאכע פלאטע, וואס ווערט בענוצט אין מאשין-בויאונג צו מעסטען די גלאטקייט פון פלאכע פלאטען.

planom'etry *n.* (פלע-נאמ'-עט-רי) דאס בענוצען א פלאנאמעטער; דאס מעסטען די פלאכקייט און גלאטקייט פון פלאטען.

pla'no-orbic'ular *a.* (פליי'-נאו-אהר-ביק'-יו-לאר) פלאך פון איין זייט און קוגעל-פערמיג פון דער אנדערער.

planor'bine *a.* (פלע-נאהר'-בין) געדרעהט אין א פלאכער ספיראל; עהנליך צו א טייך-שנעקע; וואס איז שייך צו די טייך-שנעקען. ז. ***Planorbis***

Planor'bis *n.* (פלע-נאהר'-ביס) דער מין טייך-שנעקעס [זיי האבען א פלאכע ספיראל-עהנליכע מושעל און האלטען זיך אויף אין טייכען און סאזשעלקעס].

Planorbis

plant *n. and v.* (פלענט) א פלאנצע; א געוויקס; א יונג בוימעל; א שטעקען, א דובינע; א גראז אדער א גארטען-פלאנצע [אין געגענזאץ צו א בוים]; די גאנצע אויסשטאטונג [ווי אינסטרומענטען, מאשינען א. ז. וו.], וואס זיינען נויטיג אנצופיהרען א געוויסע פראדוקציאן; דאס ארט, וואו א גנב בעהאלט די גע'גנב'עטע זאכען; א שווינדעל, א שפיצעל, א שטוקע; פלאנצען, איינפלאנצען; איינשטעלען; איינריכטען; עטאבלירען; איינזעצען, קאלאניזירען; איינגראבען; בעהאלטען [גע'גנב'עטע זאכען]; פערשטעקען, פערבארגען.

plan'table *a.* (פלענ'-טעבל) פלאנצבאר, וואס מען קען איינפלאנצען.

plan'tain *n.* (פלענ'-טיין) דער וועגעריך, א מין גראז מיט ברייטע אוואלע [לאנגליך-רונדע] בלעטער, וועלכע נעהען ארויס הארט נעבען ווארצעל. צווישען די בלעטער שפראצען ארויס לאנגע שטענגלעך, וואס זיינען בעדעקט מיט קליינע העל-בלויע בליהונגען. ז. איל.]; דער פיזאנג אדער דער פאראדיז-פייגענבוים; די פאראדיז-פייג [די פרוכט פון דיזען בוים]. ז. ***plantain-tree***

Plantain

plan'tain-cut'ter *n.* (פלענ'-טיין-קאט'-ער) ז. ***plantain-eater***

plan'tain-ea'ter *n.* (פלענ'-טיין-איט'-ער) דער טוראקו [א מין אפריקאנישער פויגעל מיט א לאנגען עק און מיט העל-גלאנציגע און רייכפארביגע פעדערען].

plan'tain-tree *n.* (פלענ'-טיין-טריע) דער פיזאנג אדער דער פאראדיז-פייגענבוים [א מין בוים פון די הייסע לענדער מיט זעהר לאנגע און ברייטע בלעטער, וואס איז עהנליך צו דעם באנאנע-בוים].

Plantain-tree

plan'tal *a.* (פלענ'-טעל) וואס וואקסט; וואס איז שייך צו פלאנצען.

plan'tar *a.* (פלענ'-טאר) וואס געהערט צו דער פאדעשווע אדער זויל פון פוס.

planta'tion *n.* (פלען-טיי'-שאן) דאס פלאנצען; די איינפיהרונג, די איינריכטונג, די עטאבלירונג; א קאלאניע, א בעזעצונג; א פלאנצונג, א בעפלאנצונגס=ארט; א פלאנטאציע; די גרינדונג.

planta'tion-hands *n.* (פלען-טיי'-שאן-הענדז) די ארבייטער אויף א פלאנטאציע.

planta'tion-mill *n.* (פלען-טיי'-שאן-מיל) א מיהלכעל, וואס ווערט בענוצט אויף א פלאנטאציע אדער פערמע צו מאהלען האבער, לייז=זאמען א. ד. ג.

plant'-bug *n.* (פלענט'-באג) די בלאט=וואנץ, די פעלד=וואנץ [אן אינזעקט, וואס זויגט אוים פלאנצען].

plant'-cane *n.* (פלענט'-קיין) די ערשטע צוקער=ריטלעך, וואס וואקסען אוים דאס ערשטע מאל אויף א צוקער=פלאנטאציע.

plant'-disease' *n.* (פלענט'-די-זיעז') א פלאנצען=קראנקהייט.

plant'-ea'ting *a.* (פלענט'-איע'-טינג) וואס עסט פלאנצען; וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען.

plan'ted *a.* (פלענ'-טעד) איינגעפאסט, אריינגעשטעלט [ווי איין פלאנקע אדער ברעט אין אן אנדערען]; אריינגעבראכט פון אן אנדער לאנד; נאטוראליזירט.

plan'ter *n.* (פלענ'-טער) א פלאנצער, א פלאנטאטאר; א גרינדער; א זייה=מאשין; א קלאץ, וואס איז אריינגעשלאגען אין א טייך און שטארצט ניט ארוים פון וואסער.

plan'terdom *n.* (פלענ'-טער-דאם) דער פלאנטאטארען=שטאנד.

plan'tership *n.* (פלענ'-טער-שיפ) דאס פערוואלטען א פלאנטאציע; די בעשעפטיגונג פון א פלאנטאטאר.

plant'-fee'der *n.* (פלענט'-פיע'-דער) אן אינזעקט וואס ערנעהרט זיך פון פלאנצען.

plant'-fee'ding *a.* (פלענט'-פיע'-דינג) וואס ערנעהרט זיך פון פלאנצען.

plant'-food *n.* (פלענט'-פוהד) פלאנצען=נאהרונג; דאס וואס גיט יניקה פאר פלאנצען.

plan'ticle *n.* (פלענ'-טיקל) א יונגע פלאנצע; א פלאנצע וואס הויבט ערשט אן צו וואקסען; דער עמבריא פון א פלאנצע. ז. *embryo*

plan'tigrade *a. and n.* (פלענ'-טי-גרייד) וואס טרעט מיט דער גאנצער פאדעשווע אדער זויל פון פוס [ווי מענשען, בערען א. ז. וו.]; א חיה וואס טרעט מיט'ן גאנצען פוס=טראט.

plan'ting *n.* (פלענ'-טינג) דאס פלאנצען, דאס אריינזעצען פלאנצונגען; דאס לעגען די ערשטע שטיינער פון א פונדאמענט; די איינפיהרונג, איינריכטונג.

plan'ting-ground *n.* (פלענ'-טינג-גראונד) אן ארט, וואו אויסטערס [אוסטריצעס] האלטען זיך אויף.

plantiv'orous *a.* (פלען-טיוו'-א-ראס) וואס עסט פלאנצען; וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען.

plant'let *n.* (פלענט'-לעט) א יונגע ניט ענטוויקעלטע פלאנצע.

plant'-louse *n.* (פלענט'-לאוס) א פלאנצען=לויז, א קליינער אינזעקט וואס שעדיגט פלאנצען.

plant'-mar'ker *n.* (פלענט'-מאר'-קער) א בלעכעל אדער שטיקעל פאפיער וואס מען הענגט אן אויף א פלאנצע און אויף וועלכען עס איז אנגעשריבען איהר געוועהנליכער און באטאנישער נאמען.

plant'-move'ment *n.* (פלענט'-מוהוו'-מענט) די פרייוויליגע אדער זעלבסטטהעטיגע בעוועגונגען פון פלאנצען [געוויסע פיזיאלאגישע פונקציאנען פון אייניגע פלאנצען].

plants'man *n.* (פלענטס'-מען) איינער וואס האנדעלט מיט פלאנצען.

plan'tule *n.* (פלענ'-טיול) א ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלטע פלאנצע; דער עמבריא פון א פלאנצע. ז. *embryo*

planu'ria *n.* (פלע-ניו'-רי-א) דאס ארויסלאזען אורין פון קערפער ניט דורך דעם ארגאן, דורך וועלכען די אורין אדער השתנה געהט געוועהנליך דורך.

plan'ury *n.* (פלענ'-יו-רי) ז. *planuria*

plap *v.* (פלעפ) פליעסקען; פליוכען; אראבפאלען מיט א פליוך.

plaque *n.* (פלעק) א פלאטע אדער דיסק פון מעטאל, פארצעלייי אדער עלפענביין וואס איז ארטיסטיש בעציערט מיט פיגורען; א בראש אדער אן אנדער ציערונג אין דער פארם פון אן ארטיסטיש אויסגעארבייטער פלאטע אדער דיסק; אין אנאטאמיע — איינער פון די קליינע רונד=פלאכע קערפער=טיילען [ווי די בלוט=דיסקען וואס פליסען אין די אדערען]; א לאטע; א פלאסטער.

plaquette' *n.* (פלע-קעט') א קליינע פלאכע פלאטע וואס ווערט אין עפעס אריינגעשטעלט אלס ארנאמענט אדער בעציערונג.

The bureau was decorated with bronze plaquettes.

plash *v. and n.* (פלעש) פלאסקען, פלעשטשען; צוזאמענפלעכטען [איינגעשניטענע און אויסגעבויגענע] צווייגלעך פון א פלאנצען=צאם [א צאם פון קוסטעס אדער בוימלעך]; איינשניידען און איינבויגען צווייגלעך פון א פלאנצען=צאם [צום צוזאמענפלעכטען]; א לוזשע, א בלאטיג טייכעל; א פליוך; אן איינגעשניטען און איינגעבויגען צווייגעל פון א פלאנצען=צאם [צום פלעכטען].

plash'et *n.* (פלעש'-עט) א לוזשע; א קליינע סאזשעלקע.

plash'ing *n.* (פלעש'-אינג) א פארקאן פון געפלאכטענע צווייגען; א געפלאכטענער צאם; דאס פליעסקען; דאס פליוכען פון וואסער.

plash'ing-tool *n.* (פלעש'-אינג-טוהל) א מעסער וואס ווערט בענוצט איינצושניידען די געפלאכטענע צווייגען פון א צאם.

plash'y *a.* (פלעש'-אי) פייכט; נאס; בלאטיג; בעשפרענקעלט מיט פארבענדער פליסיגקייט.

plasm *n.* (פלעזם) א פורעם [פון לעהם אדער גיפס]; אין ביאלאגיע — די פלאזמע. ז. *plasma*

plas'ma *n.* (פלעס'-מא) אין ביאלאגיע — די פלאזמע, דער פליסיגער בעשטאנד=טייל פון בלוט, וואס האט אין זיך איי=ווייסע עלעמענטען און פון וועלכען עס בילדען זיך די פערשיעדענע ארגאנישע געוועבען פון קערפער; די פארבלאזע בלוט=פליסיגקייט [די פליסיגקייט פון בלוט, וועלכע ענטהאלט ניט קיין רויטע און ווייסע בלוט=קייקעלעך]; דער גליטשיגער און קלעפיגער שטאף פון א צעלע, די פראטאפלאזמע; א מין גרינער שטיין [כאלצעדאן], וועלכען די אלטע רוימער פלעגען טראגען אלס ציערונג.

plasmat'ic *a.* (פלעס-מעט'-איק) אין ביאלאגיע — וואס איז שייך צו פלאזמע. ז. *plasma*

plasmat'ical *a.* (פלעס-מעט'-אי-קעל) ז. *plasmatic*

plas'mic *a.* (פלעז'-מיק) וואס איז שייך צו דער פלאזמע. ז. *plasma*

plas'mode *n.* (פלעס'-מאוד) ז. *plasmodium*

plasmo'dia *n.* (פלעס-מאו'-די-א) די פלאזמאדיען. ז. *plasmodium*

plasmo'dial *a.* (פלעס-מאו'-די-על) עהנליך צו פלאזמאדיום. ז. *plasmodium*

plasmod'ic *a.* (פלעס-מאד'-איק) ז. *plasmodial*

plasmo'dium *n.* (פלעס-מאו'-די-אם) אין ביאלאגיע — פלאזמאדיום, א זשעלאטין=מאסע פון פראטאפלאזמע אדער נאקעטע צעלען, וואס בילדעט זיך אוים פון דער בעהעפטונג פון עטליכע אמעבען=עהנליכע ארגאניזמען. ז. *amœba*

plas'mogen *n.* (פלעס'-מא-דזשען) די עסענץ אדער דער הויפט עלעמענט פון פראטאפלאזמע. ז. *plasma*

plasmog'ony *n.* (פלעס-מאג'-א-ני) דאס ענטוויקלען זיך פון אן ארגאניזם פון דער פלאזמע. ז. *plasma*

plasmol'ogy *n.* (פלעס-מאל'-א-דזשי) מיקראסקאפישע אנאטאמיע, דאס שטודירען די מיקראסקאפישע טיילכעלעך, פון וועלכע דער ארגאניזם בעשטעהט.

plasmol'ysis *n.* (פלעס-מאל'-אי-סיס) אין באטאניק — די צוזאמענציהונג פון פראטאפלאזמע אין די צעלען פון א פלאנצע דורך דער ווירקונג פון געוויסע רעאגענטען אדער ווירקענדע שטאפען.

plas'molyze *v.* (פלעס'-מא-לאיז) צוזאמענציהען די פראטאפלאזמע אין די צעלען פון א פלאנצע דורך דער ווירקונג פון געוויסע רעאגענטען אדער שטאפען.

plas'ter *n. and v.* (פלעס'-טער) א פלאסטער [פאר א וואונד]; פלאסטער, שטוקאטורע, טינק; גיפס; צולעגען א פלאסטער; טינקעווען; גיפסעווען; בעשמירען עפעס [ווי בעשמירען דאס פנים מיט פארב]; בעדעקען אדער בעהאלטען עפעס, ווי מיט א פלאסטער אדער ווי מיט פלאסטער.

plas'ter cast (פלעס'-טער קעסט) דער אבדרוק אדער אבגום פון גיפס.

plas'terer *n.* (פלעס'-טער-ער) א גיפס=ארבייטער, א גיפס=גיסער; א טינקעווער.

plas'tering *n.* (פלעס'-טער-אינג) דאס שטוקאטורעווען, טינקעווען; דאס צוגעבען גיפס צו עפעס.

plas'tering trow'el (פלעס'-טער-אינג טראו'-על) א מויער=קעלנע [די לאפעטקע, מיט וועלכער א פלאסטערער טינקעוועט אדער שמירט מיט וואפנע א וואנד].

plas'ter-mill *n.* (פלעס'-טער-מיל) א מאשין צו מאהלען גיפס.

plas'ter of Par'is (פלעס'-טער- אוו פער'-איס) גיפס.

plas'ter o'ver (פלעס'-טער או'-ווער) איבערטינקעווען, בעדעקען, בעשמירען מיט עפעס.

plas'ter-stone *n.* (פלעס'-טער-סטאון) דער גיפס=שטיין; גיפס.

plas'ter up (פלעס'-טער אפ) ארויפלעגען א פלאסטער; בעדעקען מיט עפעס; ווי עס איז צונויפקלעפען.

plas'ter-work *n.* (פלעס'-טער-הוואירק) שטוקאטור=ארבייט.

plas'tery *a.* (פלעס'-טער-אי) עהנליך צו גיפס; וואס ענטהאלט טינק אדער גיפס.

plas'tic *a.* (פלעס'-טיק) פלאסטיש, קנעטדיג [וואס לאזט זיך פארמירען אדער בילדען ווי מען וויל]; וואס לאזט זיך קנעטען.

plas'tically *adv.* (פלעס'-טי-קעל-אי) אויף א פלאסטישען, קנעטענדען אדער פארמירענדען אופן.

plas'tic art (פלעס'-טיק ארט) די פלאסטישע אדער בילדענדע קונסט.

plas'tic clay (פלעס'-טיק קליי) פלאסטישע ליים [די ליים, פון וועלכער מען פארמירט כלים און פיגורען].

plas'tic force (פלעס'-טיק פאורס) די בילדונגס-קראפט [פון דער נאטור].

plastic'ity *n.* (פלעס-טיס'-אי-טי) קנעטדיגקייט, בילדזאמקייט [די אייגענשאפט זיך צו לאזען פארמירען אדער בילדען ווי מען וויל].

plas'tid *a. and n.* (פלעס'-טיד) אן איינפאכסטער ארגאניזם, ווי א צעלע אדער פלאזמע; וואס האט דעם כאראקטער פון אן איינפאכסטען ארגאניזם.

plastid'ium *n.* (פלעס-טיד'-אי-אם) ז. ***plastid***

plas'tidule *n.* (פלעס'-טי-דיול) א מאלעקול אדער דער מעגליכסט קלענסטער טייל פון פראטאפלאזמע.

plastili'na *n.* (פלעס-טי-לאי'-נא) פלאסטישע ליים, וועלכע איז צוגעגרייט אזוי, דאס זי זאל א לענגערע צייט זיין פייכט און ווייך.

plastog'raphy *n.* (פלעס-טאג'-רע-פי) פלאסטאגראפיע [די קונסט צו מאכען אדער אויסקוקענטען פיגורען פון גיפס, ליים אדער אנדערע קנעטיגע זאכען]; דאס נאכמאכען אייגענעם האנדשריפטען; פעלשונג.

plas'tral *a.* (פלעס'-טרעל) וואס איז שייך צום אונטערשטען טייל פון שילד פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

plas'tron *n.* (פלעס'-טראן) א ברוסט-פאנצער; דער טייל פון א קלייד וואס בעדעקט די ברוסט; דער אונטערשטער טייל פון שילד פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

plas'trum *n.* (פלעס'-טראם) ז. ***plastron***

plat *n., v., a. and adv.* (פלעט) א קלאפ מיט דער האנד, שלאגען, קלאפען; פלעכטען, איינפלעכטען, ארומפלעכטען עפעס; בעצייכנען א פלאן פון א שטיקעל לאנד, מאכען א לאנד-קארטע; פערשפרייטען, אויסלעגען פלאך; א שטיקעל לאנד וואס איז בעשטימט פאר א געוויסען צוועק [ווי פאר א גארטען א. ד. ג.]; דער פלאן פון אזא שטיקעל לאנד; א געפלאכטענע זאך [ווי די אויסגעפלאכטענע שטרוי צו מאכען שטרוי-הים]; פערפלאכטענע האר; א שטריק-וויקעל [דאס מיט וואס מען פלעכט ארום א קאנאט אויף א שיף]; פלאך, גלאט; אויסגעשפרייט.

plat'an *n.* (פלעט'-ען) ז. ***plane-tree***

plat'ane *n.* (פלעט'-ען) ז. ***plane-tree***

plat'band *n.* (פלעט'-בענד) א ראנד פון בלומען אין א גארטען אדער ביי א וואנד; אין ארכיטעקטור — א פלאכער שטרייף מיט גראדע ווינקלען וואס שטארצט ארויס פון א וואנד אדער זייל; דער עטוואס-ארויסגעשטארצטער אויבערשטער קווער-באלקען פון א טהיר.

plate *n. and v.* (פלייט) א מעטאלענע פלאטע; א גראווירטעס בלעכעל; א טעלער; זילבער-געשיר; א געריכט; א סטערעאטיפ, אן עלעקטראטיפ; אין ארכיטעקטור — דער קווער באלקען, אויף וועלכען עס שטעלען זיך די קראקוועס פון א דאך; א גומען-פלאטע פון אריינגעשטעלטע ציינער; פלאטירטע וואארען [וואארען וואס זיינען בעלעגט מיט א געוויסען מעטאל, ווי גאלד אדער זילבער]; א פאנצער פון צוזאמענגעשטעלטע פלאטען; פלאט-גלאז [דיקע פלאטען גלאז וואס ווערען בענוצט אויף שפיגלען און אויף שויבען אין גרויסע מאגאזינען א. ד. ג.]; אין פאטאגראפיע — די גלאז-פלאטע, אויף וועלכער עס ווערט געמאכט דער נעגאטיוו; אין בייסבאל-שפיעל — דער היים-באזיס [דאס ארט וואו דער אבקלאפער פון באל קומט צו לויפען צוריק וואו ער איז פריהער געשטאנען]; אין ביאלאגיע — א פלאטען-עהנליכעס גליעד פון אן ארגאניזם; פלאטירען [בעדעקען עפעס מיט א דינעם שיכט פון גאלד אדער זילבער]; בעפאנצערען, בעשלאגען מיט דיקע מעטאלענע פלאטען [ווי א פאנצער-שיף]; אויסשמידען דינע פלאטען אדער בלעכלעך.

plate'-ar'mor *n.* (פלייט'-אר'-מאר) פאנצער-פלאטען [שטאל-פלאטען מיט וועלכע מען בעשלאגט א קריעגס-שיף, אז קוילען זאלען זי ניט דורכלעכערען].

plateau' *n.* (פלע-טאו') אין געאגראפיע — דאס פלאטא, א פלאך אדער בערגיג לאנד, וואס איז מעהר ווי 1000 פוס העכער פון דער אויבערפלעכע פון ים.

plate'-bas'ket *n.* (פלייט'-בעס'-קעט) דער טעלער-קארב [א קארב אויף צונעהמען די טעלער און די אנדערע געשיר פון טיש].

plate'-ben'der *n.* (פלייט'-בענ'-דער) א מין צווייגנגל, וואס ווערט בענוצט פון דענטיסטען צו בויגען גומען-פלאטען.

plate'-box *n.* (פלייט'-באקס) א קעסטעל, אין וועלכען פאטאגראפען האלטען די גלעזערנע פלאטען אדער נעגאטיוו'ען.

plate'-brass *n.* (פלייט'-ברעס) בלעך פון קופער אדער מעש.

plate'-cul'ture *n.* (פלייט'-קאל'-טשור) דאס האדעווען מיקראבען אדער באצילען אויף א דינעם שיכט פון זשעלאטין, וואס איז אויסגעלעגט אויף א גלעזערנער פלאטע.

pla'ted *a.* (פליי'-טעד) פלאטירט [בעלעגט מיט אנדערע שטאפען אדער מעטאלען, ווי מיט זייד, גאלד אדער זילבער]; געפאנצערט מיט דיקע מעטאלענע פלאטען [וועגען קריעגס-שיפען].

plate'-frame *n.* (פלייט'-פריים) ז. ***plate-holder***

plate'ful *n.* (פלייט'-פול) א טעלער, א טעלער-פול [די מאס וויפיעל עס געהט אריין אין א טעלער].

He ordered a plateful of meat.

plate'-glass *n.* (פלייט'-גלעס) שפיגעל-גלאז [דיקעס גלאז פאר שפיגלען און פאר גרויסע קראם-שויבען].

plate'-hat *n.* (פלייט'-העט) א הוט, ביי וועלכען די ווארעס [בארוועג] איז געמאכט פון בעסערען מאטעריאל איידער דער הוט אליין.

plate'-hol'der *n.* (פלייט'-האול'-דער) דאס רעהמעל פון א פאטאגראפישען אפאראט, אין וועלכען מען שטעלט אריין דאס נעגאטיוו-גלאז.

plate'-i'ron *n.* (פלייט'-אי'-ערן) אייזען-פלאטען, אייזען-בלעך.

plate'-lay'er *n.* (פלייט'-ליי'-ער) אין ענגלאנד — אן ארבייטער וואס לעגט אויס רעלסען אויף אן אייזענבאהן.

plate'-leath'er *n.* (פלייט'-לעטה'-ער) זעמיש-לעדער וואס ווערט בענוצט צו רייניגען גאלד און זילבער-געשיר.

plate'-machine' *n.* (פלייט'-מע-שין') א מאשין צו מאכען געשיר פון פארצעליי און אנדערע מאטעריאלען.

plate'-mail *n.* (פלייט'-מייל) א שופען-פאנצער [א פאנצער געמאכט ווי פון שופען פון א פיש].

plate'-mark *n.* (פלייט'-מארק) א געזעצליך בעשטעמפעלטער צייכען אדער שטעמפעל אויף זילבערנע און גאלדענע כלים, וואס בעווייזט דאס ארט וואו זיי זיינען אויסגעארבייט, די פראבע פון מעטאל א. ד. ג.

plate'-mat'ter *n.* (פלייט'-מעט'-ער) ארטיקלען פאר צייטונגען אדער זשורנאלען וואס מען מאכט אין סטערעאטיפישע פלאטען און ווערען געדרוקט אין עטליכע צייטונגען אין איינער און דערזעלבער צייט.

plate'-met'al *n.* (פלייט'-מעט'-על) נעגאסענע שטיקער אייזען אדער משוגון וואס מען צוברעכט און מען גיסט איבער א צווייטען מאל.

plate'-mill *n.* (פלייט'-מיל) א מאשין צו וואלצען און אויסצוציהען מעטאלענע פלאטען.

plat'en *n.* (פלעט'-ען) דער דרוק-טיגעל [דער טייל פון א דרוק-פרעס וועלכער דריקט די בוכשטאבען אויף'ן פאפיער]; א לינאטור אדער א געמיש פון קופער מיט צינק, פון וועלכען מען מאכט קנעפלעך.

plate'-pa'per *n.* (פלייט'-פיי'-פער) קופער-דרוק-פאפיער [א זארט זעהר גלאנציג פאפיער].

plate'-piece *n.* (פלייט'-פיעס) רינדפלייש, וואס ווערט בענוצט צו מאכען געפעקעלטעס פלייש.

plate'-pow'der *n.* (פלייט'-פאו'-דער) א פולווער אדער פראשעק וואס ווערט בענוצט צו פאלירען זילבערנע געשיר.

plate'-press *n.* (פלייט'-פרעס) א דרוק-פרעס צו דרוקען פון גראווירטע קופערנע אדער שטאהלענע פלאטען.

plate'-prin'ter *n.* (פלייט'-פרינ'-טער) דער וואס דרוקט פון גראוויר-פלאטען.

plate'-prin'ting *n.* (פלייט'-פרינ'-טינג) דאס דרוקען פון גראוויר-פלאטען.

pla'ter *n.* (פליי'-טער) א פלאטען-מאכער; א מאשין צונויפצופרעסען פאפיער דורך דעם דרוק פון אייזערנע פלאטען; א פלאטירער, א בעגילטער, דער וואס בעגילט כלים.

plate'-rack *n.* (פלייט'-רעק) א טעלער-פאליצע, א טעלער-געשטעל; א געשטעל וואו מען האלט די פאטאגראפישע פלאטען [נעגאטיוון] בעת זיי זיינען נאך נאס.

plate'-rail *n.* (פלייט'-רייל) א פלאכע רעלסע אדער שינע.

plateresque' *a.* (פלעט-ע-רעסק') וואס איז עהנליך צו זילבערנע ארנאמענטען אדער פערציערונגען [אין ארכיטעקטור].

plate'-roll'er *n.* (פלייט'-ראול'-ער) א גלאטער רונדער וואל וואס ווערט בענוצט אין מאכען מעטאלענע פלאטען.

plate'-shears *n.* (פלייט'-שירז) א מאשין צו שניידען און שערען מעטאלענע פלאטען.

plate'-stand *n.* (פלייט'-סטענד) א געשטעל פאר טעלער און אנדערע געשיר.

plat'etrope *n.* (פלעט׳-ע-טראופ) א זייט פון א זאך, וועלכע איז סימעטריש אדער אין דערזעלבער פארם ווי די ענטגעגענגעזעצטע זייט [ווי די רעכטע העלפט פון מענשליכען קערפער, וואס איז סימעטריש אדער האט דיזעלבע פארם ווי די לינקע העלפט].

plat'etropy *n.* (פלעט׳-ע-טראו-פי) דאס זיין סימעטריש. ז. *platetrope*.

plate'-vise *n.* (פלייט׳-וואיס) אין פאטאגראפיע — א ראהם, אין וועלכער מען שטעלט אריין א גלאז=פלאטע זי צו פאלירען.

ra'dius vec'tor (ריי'־די־אס וועק'־טאר) א ראדיוס־וועקטאר [אין מאטעמאטיק — די שטרעקע פון א פעסטען פונקט, ווי פון א צענטער אדער ברענ־פונקט, צו וועלכען עס איז פונקט פון א קרומער אדער געבויגענער ליניע. די שטרעקע *AF* אדער *AE* אין דער נעציי־כענטער עליפסע איז א ראדיוס־וועקטאר; אין אסטראנאמיע — א גראדע ליניע וואס פעראייניגט דעם צענטער פון אן אנציהענדען הימעלס־קערפער מיט דעם צענטער פון דעם קערפער וואס בעוועגט זיך ארום איהם אין אן ארביט. צ. ב. די ליניע וואס פערבינדעט דעם צענטער פון דער זון מיט דעם צענטער פון דער ערד].



Radius Vector

ra'dix *n.* (ריי'־דיקס) א ווארצעל [ווי פון א ווארט, פון א צאהל א. ד. ג.].

radoub' *n.* (רע־דוהב') די פערריכטונג און אויסריכטונג פון א שיף צו א רייזע.

raff *n.* (רעף) א טומעלגדער עולם; א המון פון אונווירדיגע פערזאנען; א טויגעניכטס, אן אויסוואורף; א מישמאש פון ווערטהלאזע זאכען. *riffraff* .ז

raf'fia *n.* (רעפ'־אי־א) א מאדאגאסקארער פאלמען־בוים; די פיבערן [פאזערן, פעדים] פון דיעזען בוים.

raff'ish *a.* (רעפ'־איש) ווערטהלאז, גאר נישט; ווי א המון פון אונווירדיגע פערזאנען; ווי א טויגעניכטס.

raf'fle *v. and n.* (רעפל) מאכען א לאטעריי, אויסשפיעלען, פלעטען; א לאטעריי, א פלעט; געהיליך־אבפאל; אבפאל.

raft *n. and v.* (רעפט) א פליט [צוזאמענגעבונדענע קלעצער און געהילץ וואס ווערען געטריבען מיט'ן שטראם פון טייך]; דאס טרייבען פליטען; אן אנהויפונג פון אויסגעבראכענע בוימער און צווייגען אין א טייך; א הויפען; א מישמאש; מאכען א פליט; טרייבען פליטען איבער'ן וואסער.



Raft

raft'-dog *n.* (רעפט'־דאג) א שטיק אייזען, ביי וועלכען ביידע ענדען זיינען אבגעבויגען און פערשפיצט און וואס דיענט צו בעפעסטיגען צוויי סלופעס אדער קלעצער איינע צו די אנדערע.

raf'ter *n. and v.* (רעפ'־טער) א קראקווע פון א דאך [איינער פון די משופעדיגע באלקענס, וואס שטעלען זיך אויף די ווענד פון א געביידע און אויף וועלכע עס ליגט דער דאך]; איינער וואס מאכט קראקוועס; מאכען קראקוועס צו א געביידע; אין ערד־ארבייט — אקערען א פעלד אזוי, אז די אויפגעאקערטע ערד זאל זיך אויסלעגען אויף א פאס וואס ווערט ניט געאקערט.

raf'ting-dog *n.* (רעפ'־טינג־דאג) *raft-dog* .ז

raft'-like *a.* (רעפט'־לאיק) פליטען־עהנליך, פלאך־דעקיג, מיט א פלאכען דעק.

raft'-mer'chant *n.* (רעפט'־מויר'־טשענט) א האלץ־הענדלער, איינער וואס האנדעלט מיט געהילץ.

raft'-port *n.* (רעפט'־פאורט) אין גע־וויסע שיפען — א ברייט פיער־עקיג לאך אין דער זייט פון דער שיף, דורך וועלכע מען לאדט זי אן מיט קלעצער.

rafts'man *n.* (רעפטס'־מען) א פליטען־טרייבער [איינער וואס טרייבט פליטען אויף'ן וואסער].

rag *n., a. and v.* (רעג) א שמאטע, א לופעט, אן אניטשע; א נעצאקטער אדער געקארבטער ברעג אדער ראנד [ווי פון אן אייזען אדער שטיין]; א שפיציגער, שארפסטיגער פעלז; א שארפסטיגער אבגעבראכענער טייל פון א פעלז; א לומפ; א בעטלער; געמאכט פון שמאטעס אדער לומפען; ווערען א שמאטע, א לופעט; מאכען שארפסטיג אדער שפיציג; זיך אנקליידען, זיך אנטהאן.

rag'amuffin *n. and a.* (רעג'־ע־מאפ־אין) א לומפ, א ליידאק, א פאדלעץ; נידריג, געמיין, בעטלעריש.



Rag-bolts

rag'-bolt *n.* (רעג'־באולט) א מין באלץ אדער טשוואק מיט ארויסשטעכענדע שפיצען פון די זייטען.

rag'-book *n.* (רעג'־בוק) א בוך פאר קינדער געדרוקט אויף גלאנציגער שטייפער לייווענד, כדי עס זאל ניט צו־ריסען ווערען.

rag'-bush *n.* (רעג'־בוש) אין געוויסע נעצענדיגערישע לענדער — א קוסט אדער בוש, הויפטזעכליך נעבען א ברונעם, וועלכען די דארטיגע איינוואהנער און פאר־בייגעהער בעהענגען מיט שטיקער שמאטעס אלס מתנה פאר די רוחות און גייסטער, וועלכע געפינען זיך, ווי מען גלויבט, אין ברונעם.

rag car'pet (רעג קאר'־פעט) א מין בילינער קאוויאר אדער טעפיך [ווערט געוועבט פון שטיקלעך ציינ און שמאטעס].

rag'-dea'ler *n.* (רעג'־דיע'־לער) א לומפען־הענדלער.

rag'-dust *n.* (רעג'־דאסט) די פסלת פון וואלענע שמאטעס [לופעטעס], וואס ווערט צומאלען און געפארבט אין פער־שיעדענע קאלירען, אום צו בעדעקען א געוויסען זארט טאפעטען [אביטשעס].

rage *n. and v.* (ריידזש) .1 וואוט, צארן; צורייצטקייט, אויפגעקאכטקייט; די העכסטע אנשטרענגונג פון א טהעטיגקייט אדער עפעקט; .2 ענטוזיאזם, בעגייסטערונג; דער געגענשטאנד פון ענטציקונג אדער פון דער מאדע; .3 זיין אויפגעקאכט פון כעס, זיין צורייצט; שטורמען, ליארמען; .4 פארקומען אין א שטארקער העפטיגקייט; אויפרעגען, צורייצען; ארייגבריינגען אין צארן.

2. Draped dresses are the **rage** this season.
3. The governor **raged** when he heard that he was impeached.

rag'-fair *n.* (רעג'־פעהר) א טריידעל־מארק, א לויז־מארק, א טאלקוטשקע.

rag'-gath'erer *n.* (רעג'־געטה'־ער־ער) א לומפען־קלייבער.

rag'ged *a.* (רעג'־עד) אבגעריסען, אבגעשליסען, נעקליידט אין לומפען; צו־לומפט, צוריסען; שארסטקע, רויה, ניט גלאט.

rag'gedly *adv.* (רעג'־עד־לי) צוריסען; צושליסען; אין שמאטעס, אין לומפען; שארסטקע, ניט גלאט.

rag'gedness *n.* (רעג'־עד־נעס) אבגעריסענקייט, אבגעשליסענקייט; צולומפטקייט, צוריסענקייט; שארסטיגקייט, רויהייט, ניט־גלאטקייט.

rag'ged-rob'in *n.* (רעג'־עד־ראב'־אין) די קוקוק־בלום [א מין גראז מיט רויטע בליהונגען. וואקסט אין זומפיגע ערטער]. *cuckoo-flower* .ז

rag'ged-school *n.* (רעג'־עד־סקוהל) א שוהל פאר ארימע, פערלאזענע קינדער.

rag'ging *n.* (רעג'־אינג) א מעטאדע צו כאפען פיש, ביי וועלכער א רויטע שמאטע ווערט אנגעטשעפעט אויף'ן האטשעק פון דער ווענטקע; אין בערג־ארבייט — דאס אבטיילען פון אויסגעגראבענע ערץ די פסלת וואס טויגען אויף נארנישט.

rag'gle *n. and v.* (רעגל) א שמאטע, א אבגעריסענעס שטיק; מאכען שארסטקע, ניט גלאט אדער נעצאקט.

ra'ging *a.* (ריי'־דזשינג) וויטהענד, צארנדיג, אויפגעקאכט.

ra'gingly *adv.* (רײ'-דזשינג-לי) אויף א װיטהענדע, צארנדיגען אדער אויפגע־קאכטען שטײגער.

ra'gingness *n.* (רײ'-דזשינג-נעס) כעס, גרימצארן, אויפגעבראכטקײט.

rag'man *n.* (רעג'-מען) א לומפען־הענדלער.

rag'-mon'ey *n.* (רעג'-מאָנ'-אי) פאַ־פיער־געלד.

ragout' *n. and v.* (רע-גוה') ראגו, גע־װירץ־פלייש [געקאכטעס צוגעװירצטעס פלייש]; א געמיש פון פיקאנטע זאכען אדער פערזאנען; מאכען א ראגו; מאַ־כען א געמיש פון פיקאנטע זאכען.

rag'-pick'er *n.* (רעג'-פיק'-ער) א לומפען־קלײבער; א מאשין פאנאנדערצוי־געהמען און פאנאנדערצורײסען לומפען.

rag'shag *n.* (רעג'-שעג) איינער װאס איז שטארק אבגעריסען און אבגעשליסען [הױפטזעכליך, װען ער טהוט עס אומיסט־גע, אום אויסצוזעהן אריגינעל].

rag'-shop *n.* (רעג'-שאפּ) א קראם װאו מען קױפט און פערקױפט אויפגעקליבע־נע אלטע שמאטעס.

rag'stone *n.* (רעג'-סטאון) אזא גראבער, טונקעל־גרױער זאמד־שטײן; שטײנער אין דינע שטיקער [צום בױען].

rag'-tag *n.* (רעג'-טעג) דער לומפען־המון, דאס געמײנע פאלק, דער פעבעל.

rag, tag, and bob'tail (רעג, טעג, ענד באב'-טײל) אן ערב־רב פון לומפען און אויסװאורפען.

rag'-time *a. and n.* (רעג'-טאים) אן ארט טאנץ־מוזיק, װאס איז כאראקטע־ריסטיש פאר די נעגערשע מעלאָדיען אין אמעריקא; װאס האט דעם כאראקטער פון אזא ארט מוזיק.

rag'-trade *n.* (רעג'-טרײד) דער האנדעל מיט שמאטעס [לופּעטעס]; דאס קױפען פאלשע באנק־פאפּירען; שנײדערײ.

rag'weed *n.* (רעג'-הװיד) די אמבראזיע [אן אמעריקאנישע פערצװײגטע פלאנ־צע מיט בלעטער װאס האבען טיפע אײנ־שניטען און גרינליכע זעהר קלײ־ניגקע בליהונגען. דעם בליטהען־שטויב פון דיזער פלאנצע האלט מען אלס די אור־זאכע פון היי־פיבער. ז. ***hay-fever***].

rag'-wheel *n.* (רעג'-הװיל) א ראד מיט א געקארבטען אדער געצײהנדעלטען ראנד; א שלײף־רעדעל פון עטלי־כע צונויפגעלעגטע שטי־קער געװאנד צו שלײפען מעסערס א. ד. ג.

Ragwort

rag'wort *n.* (רעג'-הװאירט) א מין גראז מיט געקארבטע אדער צײהניגע בלעטער און מיט העל־געלבע בליהונ־גען, װאס געהען ארױס װי שטראהלען פון א קערבעלע.

raid *n. and v.* (רײד) א בעפאל; א פּלוצליכער אנפאל; בעפאלען.

The police made a raid upon the gambling-house.

rai'der *n.* (רײ'-דער) א בעפאלער, אן אריינרײסער.

raid the mar'ket (רײד טהי מאר'-קעט) קינסטליך ארונטערדריקען די מקחים פון סחורות אויף דער בערזע.

rail *n. and v.* (רײל) א שטאנג, א גראַ־טע; א צאם; א געלענדער; א רעלסע אדער שינע; אן אײזענבאהן; די װאסער־ראלע [א זומפּ־פויגעל מיט א גלײכען די־נעם שנאבעל]; דער װאכטעל־קעניג [א קלײנער פויגעל, װאס האלט זיך אויף צװישען תבואות פון פעלדער]; ארומ־צאמען מיט א גראטע; אבטײלען מיט א גראטע; אויסלעגען שינען, אויסלעגען אן אײזענבאהן; פישען מיט א װענטקע פון א שיף; זידלען, שימפפען.

rail'-ben'der *n.* (רײל'-בענ'-דער) א מין פרעס אדער שרויף צו בויגען רעלסען אדער שינען.

rail'-bird *n.* (רײל'-בוירד) די קארא־לאינישע ראלע [אזא פויגעל]. ז. ***rail***.

rail'-bor'er *n.* (רײל'-באָר'-ער) א גע־צײג צו בױערען לעכער אין רעלסען אדער שינען.

rail'-car *n.* (רײל'-קאר) אן אײזענבאהן־װאגאן.

rail'-chair *n.* (רײל'-טשעהר) אן אײ־זערנעס קלעצעל דורך װעלכען אן אײזענ־באהן־רעלסע װערט בעפעסטיגט צו דער שפאלע.

railed *a.* (רײלד) מיט רעלסען; מיט גראטען.

rai'ler *n.* (רײ'-לער) אײנער װאס לעגט רעלסען אדער שינען; אײנער װאס זי־דעלט אדער שימפּפט.

rail'-guard *n.* (רײל'-גארד) א רעלסען־ראמער [א פאררינטונג אין פארענט פון א לאקאמאטיװ אבצוראמען שטערונגען, װעלכע געפינען זיך אויף די רעלסען פון אײזענבאהנען].

rai'ling *n.* (רײ'-לינג) א צאם, א גראטע; א געלענדער.

rai'lingly *adv.* (רײ'-לינג-לי) שימפּפ־ליך; מיט זידלערײ.

rail'lery *n.* (רײל'-ער-אי) לצנות, שפאס.

rail'-post *n.* (רײל'-פאוסט) דער שטײ־קעם פון א געלענדער אדער פארענטשע; דער טרעפּען־זײל [דער זײל, ארום װעל־כען עס דרעהט זיך א שװינדעל־טרעפּ].

rail'road *n. and v.* (רײל'-ראוד) אן אײזענבאהן; אײלען, דורכפיהרען אין אײלעניש [װי א געזעץ אין פארלאמענט].

rail'roader *n.* (רײל'-ראו-דער) אײ־נער װאס איז בעשעפטיגט מיט אײזענ־באהנען.

rail'roading *n.* (רײל'-ראו-דינג) דאס בעשעפטיגען זיך מיט אײזענבאהנען; דאס דורכפיהרען אין אײלעניש [װי א געזעץ אין פארלאמענט].

rail'-saw *n.* (רײל'-סאה) א קלײנע זעג־מאשין, װאס װערט בענוצט צו זעגען רעלסען [שינען].

rail'-split'ter *n.* (רײל'-ספּליט'-ער) אײנער װאס שפּאלט האלץ צו מאכען שטאנגען אדער שטעקלעך פאר גראטעס, שטאקעטען א. ד. ג.

rail'-tongs *n.* (רײל'-טאהנגז) אזעלכע צװאנגען אריבערצוטראגען רעלסען.



Rail-tongs

rail'way *n.* (רײל'-הװײ) אן אײזענבאהן.

rail'way-car *n.* (רײל'-הװײ-קאר) אן אײזענבאהן־װאגאן.

rail'way-car'riage *n.* (רײל'-הװײ-קער'-עדזש) ז. ***railway-car***.

rail'way-chair *n.* (רײל'-הװײ-טשעהר) ז. ***rail-chair***.

rail'way-com'pany *n.* (רײל'-הװײ-קאמ'-פּע-ני) אן אײזענבאהן־געזעלשאפט [אן אקציען־געזעלשאפט, צו װעלכער עס בעלאנגט א געװיסע אײזענבאהן].

rail'way-cross'ing *n.* (רײל'-הװײ-קראהס'-אינג) די קרײצונג פון צװײ אײ־זענבאהנען אדער פון א געװעהנליכען װעג מיט אן אײזענבאהן.

rail'way de'pot (רײל'-הװײ די'-פּאו) א װאקזאל, א באהן־הויף.

rail'way post'-of'fice (רײל'-הװײ פאוסט'-אָפ'-איס) אן אײזענבאהן־װאגאן אין װעלכען מען זארטירט אויפגענומענע בריעף בעת דער רײזע.

rail'way-switch *n.* (רײל'-הװײ-סװיטש) אן אײזענבאהן־װײכע [א בע־װעגליכע רעלסע, װאס װערט צוגערוקט צו אדער אבגערוקט פון א בעפעסטיגטער רעלסע, כדי איבערצופיהרען א װאגאן אדער א צוג פון אײן פאר רעלסען אויף אן אנדערער].

rail'way ter'minal (רײל'-הװײ טויר'-מי-נעל) דער צענטער פון אן אײזענבאהן־סיסטעם.

rail'way-tick'et *n.* (רײל'-הװײ-טיק'-עט) אן אײזענבאהן־בילעט.

rail'way track (רײל'-הװײ טרעק) אן אײזענבאהן־ליניע.

rail'way traf'fic (רײל'-הװײ טרעפ'-איק) אײזענבאהן־פערקעהר.

rail'way-train *n.* (רײל'-הװײ-טרײן) אן אײזענבאהן־צוג.

rail'way-wor'ker *n.* (רײל'-הװײ-הװאיר'-קער) אן אײזענבאהן־ארבײטער.

rai'ment *n.* (רײ'-מענט) קלײדונג.

rain *n. and v.* (רײן) א רעגען; רעגנען.

rain'-bird *n.* (רײנ'-בוירד) א פויגעל װאס זאגט פאראויס א רעגען [דורך גע־שרײען אדער געװיסע בעװעגונגען].

rain'bow *n. and v.* (רײנ'-באו) א רע־גענבויגען; א רעגענבויגען־קאליברי [א מין זשום־פויגעלע מיט פערשידענפאר־ביגע, רײך־קאלירטע פעדערען]. ז. ***humming-bird***; א רעגענבויגען־פיש [א מין רײך־קאלירטער פיש]; פארבען אין רעגענבויגען־פארבען; ארומ־רינגלען װי מיט א רעגענבויגען.

rain'bowed *a.* (רײנ'-באוד) רעגענבוי־גען־פארביג; װאס קומט פון א רעגע־נבויגען; ארומגערינגעלט מיט א רעגענבוי־גען אדער שטראהלען־קרוין.

rain'bow-fish *n.* (רײנ'-באו-פיש) א רעגענבויגען־פיש [א מין רײך־קאלירטער פיש].

rain'-box *n.* (רײנ'-באקס) א פאררינ־טונג אין א טעאטער נאכצואהמען דאס רױשען פון א רעגען.

rain cats and dogs (רײן קעטס ענד דאגז) שטארק רעגענען, גיסען װי פון עמערס.

rain'-cham'ber *n.* (רײנ'-טשײמ'-בער) א פאררינטונג בײ א שמעלץ־אויװען, װאו די אויסדונסטונגען פון די מעטאלען װערען פערדיכטעט מיט דער הילף פון װאסער.

rain'-chart *n.* (רײנ'-טשארט) א רע־גען־מאפע [א מאפע אדער קארטע מיט אויסקינפטע װעגען רעגען־פאל].

rain'-cloud *n.* (רײנ'-קלאוד) א רעגען־װאלקען.

rain'coat *n.* (רײנ'-קאוט) א רעגען־מאנטעל.

rain'deer *n.* (ריינ'-דיער) ז. *reindeer*.

rain'-doc'tor *n.* (ריינ'-דאַק'-טאָר) א מכשף [ביי די ווילדע שבטים] וואָס בעהויפּטעט, אַז ער קען דורך פערשיעדענע איבערנאַטירליכע מיטלען אַרויסרופען רעגען.

rain'drop *n.* (ריינ'-דראָפּ) א רעגען־טראָפּען.

rain'fall *n.* (ריינ'-פּאָהל) דאָס רעגענען; א רעגען־פאַל [די מאָס וואַסער וואָס פאַלט דורך רעגנען, שנייען א. ז. וו.].

rain'-gage *n.* (ריינ'-גיידזש) א רעגען־פאַל מעסטער [אַן אינסטרומענט צו זאַמלען און אויסמעסטען דעם רעגען וואָס פאַלט אין א בעשטימטען אָרט].


Rain-gage

rai'niness *n.* (ריי'-ני-נעס) רעגענדיגקייט, רעגענדיגער וועטער.

rain'less *a.* (ריינ'-לעס) אָהן רעגען, וואָס האָט ניט קיין רעגען.

rain'-ma'ker *n.* (ריינ'-מיי'-קער) א מכשף ביי די ווילדע שבטים, וואָס בעהויפּטעט, אַז ער קען דורך איבערנאַטירליכע מיטלען אַרויסרופען רעגען; איינער וואָס בעהויפּטעט, אַז ער קען קינסטליך אַרויסרופען א רעגען [ווי דורך פּולווער־עקספּלאָזיאָנען א. ז. וו.].

rain'-map *n.* (ריינ'-מעפּ) ז. *rain-chart*.

rain or shine (ריין אָהר שאַין) אין יעדען וועטער; אין אַלע פעלע, אונטער אַלע אומשטענדען.

rain pitch'forks (ריין פּיטש'-פּאָהרקס) ז. *rain cats and dogs*.

rain'pour *n.* (ריינ'-פּאָור) א שלאַקס־רעגען.

rain'-proof *a.* (ריינ'-פּרוהף) רעגען־זיכער, אונדורכדרינגליך פאַר'ן רעגען, וואָס לאָזט ניט דורך קיין רעגען.

rain'-storm *n.* (ריינ'-סטאָהרם) א רעגען־שטורם; א גרויסער רעגען.

rain'-tight *a.* (ריינ'-טאַיט) אַזוי פערמאַכט, אַז עס לאָזט ניט דורך קיין רעגען.

rain'-wa'ter *n.* (ריינ'-וואָה'-טער) רעגען־וואַסער.

rai'ny *a.* (ריי'-ני) רעגענדיג.

rai'ny day (ריי'-ני דיי) 1. א רעגענדיגער טאָג; 2. א שלעכטע שטיקעל צייט; א צייט פון נויט און עלענד וואָס קען אַמאָל קומען.

2. Every one should save up for a rainy day.

rai'sable *a.* (ריי'-זעבל) וואָס קען אויפגעהויבען אָדער דערהויבען ווערען; וואָס קען פּראָדוצירט ווערען אָדער אויפגעהאָדעוועט ווערען. ז. *raise*.

raise *v. and n.* (רייז) 1. הויבען, אויפהויבען; העכערען; דערהויבען; הויבען אין הימעל אַריין; 2. אויפשטעלען; אויפבויען; 3. אַראָבנעהמען, אויפגעבען, אויפהערען [עפּעס]; 4. מאַכען, אַז עפּעס זאָל זיך אויפהויבען; 5. האָדעווען, ערציהען, קולטיווירען; 6. אויפרעגען, אויפריהרען; 7. שאַפען, קריעגען, צונויפזאַמלען, צונויפקריעגען [ווי געלד, שטייער, מיליטער א. ז. וו.]; 8. ערוועקען, אַרויסרופען, פעראורזאַכען; 9. מאַכען זיכטבאַר [ווי ביים דערנעהענטערען זיך מיט א שיף]; 10 מאַכען רעליעף; אַרויסברייננגען אָדער אַרויסשפּייען ליחה אָדער בלוט; אויפהויבונג; 11 העכערונג; 12 דאָס קריעגען, דאָס צונויפזאַמלען עפּעס.

2. The building was **raised** in a few days. 3. The enemy was forced to **raise** the blockade. 5. We **raise** a variety of flowers in our garden. 7. The friends of the accused **raised** a fund for his defense. 8. His remarks **raised** a roaring laugh. 11. A **raise** of wages was promised to the clerk.

raise a bead (רייז ע ביעד) מאַכען אַן בלעזעלעך אין ספּירטס דורך טרייסלען.

raise a blockade' (רייז ע בלאַ-קייד') אַראָבנעהמען די בלאָקאַדע [איינשליסונג אָדער בעלאַגערונג פון א האַפען אָדער פעסטונג דורך קריעגס־שיפען].

raise a loan (רייז ע לאָון) מאַכען אַן אַנלייהע.

China desires to **raise** a **loan** of $50,000,000.

raise a rack'et (רייז ע רעק'-עט) קעהרען א וועלט, אָנמאַכען א טומעל, אָנמאַכען צרות.

raise a row (רייז ע ראָו) ז. *raise a racket*.

raise a rum'pus (רייז ע ראַמ'-פּאַס) ז. *raise a racket*.

raise a siege (רייז ע סיעדזש) אַראָבנעהמען א בעלאַגערונג, אויפהערען צו בעלאַגערען; צווינגען אויפצוגעבען א בעלאַגערונג.

raise a smile (רייז ע סמאַיל) אַרויסרופען א שמייכעל.

raise bread (רייז ברעד) מאַכען, אַז ברויט זאָל אויפגעהן [ווי פון הייוועז].

raise Cain (רייז קיין) ז. *raise a racket*.

raised embroi'dery (רייזד עמ-בראָי'-דער-אי) שטיקעריי אין רעליעף.

raise dough (רייז דאָו) לאָזען טייג אויפגעהן.

raised point (רייזד פּאָינט) א רעליעפער שטאָף אָדער נאָהט אין שפּיצען [קרוזשעווע].

raised roof (רייזד רוהף) א דאַך פון א וואַגאָן מיט אַן אויבער־דאַך, וואו עס געפינען זיך די ווענטילאַציאָנס־עפענונגען.

raised stitch (רייזד סטיטש) א בולט'ער שטאָף ביים אויסנעהען [די שטעך ווערען געמאַכט לויז און שלייפעליך, וועלכע מען שערט אָב און עס בעקומט זיך א סאַמעט־עהנליכע פּלעכע].

raise from the dust (רייז פראָם טהי דאַסט) ווערען פון נידריג הויך; דערהויבען פון א נידריגען שטאַנד.

raise hell (רייז העל) ז. *raise a racket*.

raise mon'ey (רייז מאַנ'-אי) שאַפען געלד.

raise mon'ey on (רייז מאַנ'-אי אָן) קריעגען געלד אויף א משכון.

raise one's bris'tles (רייז וואַנז בריסלז) אויפרעגען, אַריינברייננגען אין כעס.

raise one's dan'der (רייז וואַנז דענ'-דער) אויפרעגען, אַריינברייננגען אין כעס.

rai'ser *n.* (ריי'-זער) א הויבער, אַן אויפהויבער; א גרינדער; אַן ערציהער פון פיה; איינער וואָס קולטיווירט, האָדעוועט אָדער ערציהט; איינער וואָס שטעלט אויף געביידעס; עטוואָס וואָס הויבט אויף.

raise the cur'tain (רייז טהי קויר'-טען) אויפהויבען דעם ביהנע־פאָרהאַנג; אָנהויבען די טעאַטער־פאָרשטעלונג.

raise the dev'il (רייז טהי דעוול) ז. *raise a racket*.

raise the dust (רייז טהי דאַסט) קריעגען געלד אויף עפּעס.

raise the hatch'et (רייז טהי העטש'-עט) זיך גרייטען צו מלחמה.

raise the land (רייז טהי לענד) צוקומען אַלץ נעהנטער צו דער יבשה און זי אָנהויבען זעהן.

raise the mar'ket upon' (רייז טהי מאַר'-קעט אַ-פּאָן') רעכענען מעהר וויפיעל עס איז דער מאַרק־פּרייז אָדער דער אַנגענומענער פּרייז.

raise the wind (רייז טהי ווינד) אָנמאַכען א טומעל; קריעגען געלד.

rai'sin (רייזן) א ראָזשינקע.

rai'sing *n.* (ריי'-זינג) הויבונג, אויפהויבונג; דערהויבונג; אויפשטעלונג, אויפבויאונג; קולטיווירונג, ערציהונג, דאָס האָדעווען; אַראָבנעהמונג, אויפגעבונג [ווי למשל, פון א בעלאַגערונג]; דאָס קריעגען, שאַפען אָדער צונויפזאַמלען; פעראורזאַכונג; דאָס מאַכען זיכטבאַר [לאַנד], דאָס צוקומען צו א לאַנד; דאָס בעציערען מעטאַל־אַרבייטס; דאָס מאַכען פעל אויפגעשוואָלען [דורך פערשיעדענע זווערשטאָפען]; הייוועז [אָדער אַנדערע עהנליכע שטאָפען צו מאַכען טייג אויפגעהן]; דאָס אויפשטעלען די ראַהם פון א געביידע [מיט דער הילף פון די שכנים־פריינדע]; א מויער־לאַטע אָדער אונטערלאַג־באַלקען [א קלעצעל וואָס דיענט אַלס אונטערלאַגע פאַר א באַלקען אויף געמויערטע ווענד].

rai'sing-bee *n.* (ריי'-זינג-ביע) א פערזאַמלונג פון שכנים [אין דערפער] צו העלפען אויפשטעלען א ראַהם פון א הויז.

rai'sing-board *n.* (ריי'-זינג-באָורד) אַזא ברעט, מיט וועלכען מען מאַכט לעדער נעגאַרבט [שאַרסטקע, ניט־גלאַט].

rai'sing-gig *n.* (ריי'-זינג-גיג) א מאַשין צו מאַכען א באַרווע [אויפצוהויבען די האָר, מאַכען האָריג] אויף געוואַנד.

rai'sing-ham'mer *n.* (ריי'-זינג-העמ'-ער) אַזא רונדער האַמער געברויכט פון קופּער־שמידען און זילבער־שמידען אויסצוקלאַפּען אויסגעהוילטע קיילעכדיגע זאַכען.

rai'sing-knife *n.* (ריי'-זינג-נאַיף) א באַנדאַר'ס מעסער צו מאַכען קליאַפּקעס.

rai'sing-piece *n.* (ריי'-זינג-פּיעס) א מויער־לאַטע אָדער אונטערלאַג־באַלקען [א האָלץ־קלעצעל וואָס ווערט געלעגט אויף א געמויערטער וואַנד אַלס אַן אונטערלאַגע פאַר א באַלקען].

rai'sing-plate *n.* (ריי'-זינג-פּלייט) א האָריזאָנטאַלער באַלקען וואָס ווערט געלעגט אויבען אויף א וואַנד אַלס אַן אונטערלאַגע פאַר די ווערטיקאַלע באַלקענס.

rai'sin-wine *n.* (ריי'-זנ-וואַין) ראָזשינקעס־וויין.

raison' d'être (ריי-זאָהן' דייטר) בערעכטיגונג אָדער אורזאַכע צו עקזיסטירען.

The **raison d'être** of a political party is the furtherance of the welfare of the country.

ra'ja *n.* (ראַ'-דזשאַ) א ראַדזשאַ [א הינדוסטאַנישער אָדער אינדישער פּירסט אָדער הערשער].

ra'jah *n.* (ראַ'-דזשאַ) ז. *raja*.

ra'jahship *n.* (ראַ'-דזשאַ-שיפּ) ז. *rajaship*.

ra'jaship *n.* (ראַ'-דזשאַ-שיפּ) די ראַדזשאַשאַפט [די ווירדע פון אַן אינדישען פּירסט אָדער הערשער].

rake *n. and v.* (רייק) 1. א גראַבליע [צונויפצושאַרען שטרוי, היי א. ז. וו.]; דאָס זיין אַנגעבויגען [ווי מאַסטען, למשל]; א צולאָזענער יונג; שאַרען, צונויפשאַרען [ווי מיט א גראַבליע]; צו־

נויפקראצען, צונויפשלעפען; 2. דורכ־גריבלען, דורכזוכען, דורכשארען, איבער־ווארפען [ווי זוכענדיג עפעס]; 3. א קראץ טהאן; שנעל פאריבערלויפען; 4. שיסען אין דער לענג [פון א שיף, למשל]; פער־קריכען אויף א פאלשען וועג, ווייט פון דער פערפאלגטער חיה אדער פויגעל [ווע־גען הינד אדער פאלקען]; זיין אנגעבוי־גען; פיהרען אן אויסגעלאסען לעבען.

2. The police **raked** the town in search of the murderer. 3. The skyscrapers often seem to **rake** the passing clouds.



Rake

rake'hell *n. and a.* (רייק־העל) אן אויסגעלאסענער מענש, א פערדארבענער יונג; צולאזען, אויסגעלאסען; פערדאר־בען.

rake hell (רייק העל) דעם איבערקעהרען גיהנם [זוכענדיג א גלייכען אין פערדאר־בענהייט].

rake'helly *adv.* (רייק־העל־אי) אויס־געלאסען, צולאזען, פערדארבען.

rake'-off *n.* (רייק־אף) דער פראצענט פון קארטען־שפיעל אדער אנדערע אזארט־נע שפיעלען וואס עס נעהמט אראב דער אייגענטימער פון דעם שפיעל־הויז; א חלק פון אן אונטערנעהמונג [הויפטזאכ־ליך ווען די אונטערנעהמונג איז א שווינד־לערישע אדער ווען מען נעהמט צו אויף א שווינדלערישען אופן קהל'שעם געלד].

ra'ker *n.* (ריי־קער) א גראבליע אדער עטוואס וואס שארט; א גראבליע־שארער, א שארער; איינער אדער עטוואס וואס שארט; א גאסען־רייניגער; איינער וואס גריבעלט זיך אדער זוכט; א מאשין צו שארען היי אדער שטרוי; א פארריכ־טונג אדער אינסטרומענט ארויסצושארען אש פון אן אויווען; א הארמאט געשטעלט אזוי, אז ער זאל שיסען אין א שיף אין דער לענג; אן אינסטרומענט ארויסצו־נעהמען ציעגעל פון א וואנד; עטוואס אויסערגעוועהנליכעס [ווי א גרויסער וועט, זעהר שנעלעס לויפען אין א וועט־לויף א. ז. וו.].

rake'shame *n.* (רייק־שיים) ז. *rakehell*.

rake up (רייק אפ) 1. פערשארען [בע־דעקען מיט עפעס וואס ווערט צונויפגע־שארט]; 2. אויפגראבען, אבפרישען, צו־ריק אבלעבען.

1. He **raked up** the fire and added more coal. 2. They **raked up** some old charges against him.

ra'king *n. and a.* (ריי־קינג) דאס שא־רען, דאס געברויכען א גראבליע; דאס צו־נויפגעשארטע אדער צונויפגעזאמעלטע; דאס גראבען זיך אדער גריבלען זיך; דאס זוכען, דאס נישטערען; דאס זידלען, דאס אויסריידען; פערשארט [ווי א פייער בעדעקט מיט אש]; געבויגען, גענייגט, משופע'דיג; שנעל פאריבערלויפענד; גע־ריכטעט אין דער לענג [וועגען שיסעריי].

ra'king view (ריי־קינג וויו) א ווייטע אויסזיכט.

ra'kish *a.* (ריי־קיש) וואס אויסגעלאסען; זעהט אויס ווי אן אויסגעלאסענער מענש; וואס האט איינגעבויגענע מאסטען; לוס־טיג.

ra'kishly *adv.* (ריי־קיש־לי) אויף א צולאזענעם אופן; מיט לוסטיגקייט.

ra'kishness *n.* (ריי־קיש־נעס) אויס־געלאסענקייט, לוסטיגקייט; דאס אויסזעהן פון א שיף מיט איינגעבויגענע מאסטען.

rall. אבקירצונג פון *rallentando*

rallentan'do *a. and adv.* (רעל־לען־טען'־דא) אין מוזיק — ווערענדיג לאנג־זאמער; מיט א טעמפא וואס ווערט אלץ לאנגזאמער און לאנגזאמער.

ral'lier *n.* (רעל'־אי־ער) איינער וואס זאמעלט צונויף, פעראייניגט אויפס־ניי אדער ברייננגט אין ארדנונג. ז. *rally*.

ral'liform *a.* (רעל'־אי־פארם) ווי א וואסער־ראלע; עהנליך צו א וואסער־ראלע און אנדערע פערוואנדטע מינים פויגלען. ז. *rail*.

ral'line *a.* (רעל'־אין) וואס איז שייך אדער עהנליך צו דעם מין וואסער־ראלען. ז. *rail*.

ral'ly *v. and n.* (רעל'־אי) צוזאמענ־ברייננגען, צוזאמענרופען, צוזאמענקלייבען, פעראייניגען [פאר אן אלגעמיינעם צוועק אדער טהעטיגקייט]; ענערגיש צוזאמענ־נעהמען אדער קאנצענטרירען; זיך צוזא־מענקומען אין איילעניש און מיט בעגייס־טערונג; זיך אויפס־ניי פעראייניגען; זיך צוזאמענקלייבען פאר אן אלגעמיינעם צוועק; זיך ערהאלען צו א נייער ענער־גישער טהעטיגקייט; זיך לוסטיג מאכען אויף אימעצענס חשבון, לוסטיג אבלאכען; א שנעלע פעראייניגונג אויפס־ניי [ווי למשל, פון אן אנטלאפענער ארמעע]; בע־נייאונג פון טהעטיגקייט, ענערגיע אדער אנשטרענגונג; א שנעלע ערהאלונג; דאס קומען צו זיך אדער צום פריהערדיגען צו־שטאנד; אין טעניס־שפיעל — דאס אונ־אויפהערליכע פליהען פון דעם באל איבער דער נעץ עטליכע מאל כסדר.

ral'lying-point *n.* (רעל'־אי־אינג־פאינט) א פלאץ, געגענשטאנד אדער פער־זאן, ארום וועלכען מען פערזאמעלט זיך פאר אן אלגעמיינער טהעטיגקייט.

ram *n., v. and a.* (רעם) א בעראן; א שטורם־באק, א מויער־ברעכער [א פאר־צייטיגע בעלאגערונגס־מאשין צו צוברע־כען א פעסטונגס־וואנד]; אן ארויסגע־שטארצטער שפיץ אין פארענט פון א קריעגס־שיף, מיט וועלכען זי שניידעט זיך אריין אין שונא'ס שיף און צוברעכט זי; די באבעצע [דאס שווערע אייזערנע גע־וויכט, מיט וועלכען מען שלאגט אריין פאליעס אין דער ערד]; דער קאלבען פון גרויסען צילינדער אין א הידראולישער פרעס; אין מעטאל־ארבייט — א דאמפף־האמער; א קריעגס־שיף מיט א פארריכ־טונג זיך אריינצושניידען אין שונא'ס שיף; קלאפען מיט א שטורם־באק; שלאגען, שטויסען; ארייננקלאפען; אנשטאפען; וואס האט א שטארקען גערוך; שטינקענד.

Ramadan' *n.* (רעמ־ע־דען') ראמאדאן, דער פאסט־מאנאט ביי די מאכמעדאנער [דער 9טער מאנאט פון מאכמעדאנישען אדער מוסולמאנישען יאהר].

Ramadhan' *n.* (רעמ־ע־דען') ז. *Ramadan*.

ra'mal *a.* (ריי'־מעל) וואס גע־הערט צו צווייגען, וואס וואקסט אויף צוויי־גען; וואס קומט ארויס פון אן אבצווייגונג פון א קערפער־גליעד.

ram'ble *v. and n.* (רעמבל) 1. נעהן שפאצירען; א שפאציער־גאנג; 2. ארומ־בראדזשען, ארומבלאנקען, ארומשמייען; זיך ארומטריבען; 3. אראבקריכען פון וועג [ביים רעדען]; דאס אומוואנדערען; דאס ארומבלאנקען.

1. The lovers **rambled** in the woods. 3. The lecturer **rambled** toward the end of his speech.

ram'bler *n.* (רעמ'־בלער) אן ארומוואנ־דערער; א שפאציער־געהער.

ram'bling *n.* (רעמ'־בלינג) דאס ארום־וואנדערען, דאס ארומשמייען; א שפא־ציער הין און צוריק.

rambus'tious *a.* (רעמ־באס'־טשאס) פרעך, חוצפה'דיג, העזה'דיג.

ram'-cat *n.* (רעמ'־קעט) א קאטער, דער "ער" פון קעץ.

ra'meal *a.* (ריי'־מי־על) וואס איז שייך צו א צווייג; וואס וואקסט אויף א צווייג.

ramenta'ceous *a.* (רעמ־ען־טיי'־שאס) אין באטאניק — בעדעקט מיט דינע שו־פען.

ra'meous *a.* (ריי'־מי־אס) ז. *rameal*.

ram'ie *n.* (רעמ'־אי) דאס כינעזישע גראז אדער דאס זייד־גראז [א כינעזישע און אסט־אינדישע פלאנצע עהנליך צו קראפּיווע מיט פיעל ריטלעך און מיט גרויסע הארץ־פערמיגע בלעטער; די דינע פאזע־רען פון דיזער פלאנצע וואס ווערען אפט געברויכט אנשטאט באוועל].

ram'ie-plant *n.* (רעמ'־אי־פלענט) ז. *ramie*.

ramifica'tion *n.* (רעמ־אי־פי־קיי'־שאן) די פערצווייגונג; א צווייג, אן אב־טיילונג.

ra'miform *a.* (ריי'־מי־פארם) עהנליך צו א צווייג.

ram'ify *v.* (רעמ'־אי־פאי) זיך פער־צווייגען; טיילען אין צווייגען.

ram'mer *n.* (רעמ'־ער) אן איינשלאגער [א שטיק מיט וואס מען שלאגט עפעס איין]; דער לאד־שטאק פון א ביקס.

ram'mish *a.* (רעמ'־איש) ווי א בעראן; וואס האט א שארפען גערוך; שטינקענד; תאוה'דיג, יצר־הרע'דיג; אויסגעלאסען.

ram'mishness *n.* (רעמ'־איש־נעס) שארפקייט, אונאנגענעהמליכקייט [פון ריח]; תאוה'דיגקייט, יצר־הרע'דיגקייט.

ram'my *a.* (רעמ'־אי) ז. *rammish*.

ramoon' *n.* (רע־מוהן') א צענטראל־אמעריקאניש בוימעל, פון וועלכען עס טריפט אזא מילך־ארטיגער זאפט. זיינע צווייגלעך און בלעטער ווערען אפט גע־ברויכט אלס פוטער אדער קארמע פאר בהמות.

ra'mose *a.* (ריי'־מאוס) ז. *ramous*.

ra'mous *a.* (ריי'־מאס) צווייגיג, מיט צווייגען.

ramp *v. and n.* (רעמפ) זיך גרייט מא־כען א שפרונג צו טהאן [ווי א ווילדע חיה אויף איהר רויב]; שפרינגען; ארויפ־ווארפען זיך; שפיעלען זיך; שטיפען; קלעטערען, זיך פלעכטען [ווי א קלע־טערענדע פלאנצע]; בערויבען, בע'גזלנ'ען; ארויס פון די כלים; די גארטען גלאקען־בלום [ז. *rampion*] אדער איהר וואר־צעל; א שפרונג; אן אבוואנדונג, אן אב־בייגונג אן א זייט; די משופע'דיגע זייט פון א פעסטונגס־וואל, פון א וואנד א. ד. ג.; א גזלן, א רויבער.

rampa'cious *a.* (רעמ־פיי'־שאס) ז. *rampageous*.

ram'page *v. and n.* (רעמ'־פעדזש) שפרינגען אדער ווארפען זיך פון כעס אדער אויפרעגונג; ארומלויפען אהין און אהער; "ארויסשפרינגען פון די כלים"; דאס זיין אויסער זיך; דאס "שפרינגען פון די כלים".

rampa'geous *a.* (רעמ-פּיי'-דזשאַס) שטורמדיג; זיך ווארפענד; מיט "שריי־ענדע" פאַרבען; מיט א "שרייענדען" סטיל.

rampa'geousness *n.* (רעמ-פּיי'-דזשאַס-נעס) דאס זיין "שרייענד" [אין פאַרבען, אין סטיל]; דאס זיין שטורמ־דיג.

ram'pancy *n.* (רעמ'-פּענ-סי) איבער־פלוס, דאס זיין צו־פיעל, איבערמעסיגקייט.

ram'pant *a.* (רעמ'-פּענט) איבערפלול; איבערפליסיג; וואס שפּרינגט ארויס פון גדר, וואס נעהמט אריבער יעדע מאָס; ניט איינגעהאלטען; זיך מאַכענדיג גרייט א שפּרונג צו טהאָן, שפּרינגענד [ווענען א פיער־פיסיגער חיה]; אין ארכיטעקטור — וואס שטייגט אין דער הויך אין א שרעגער ריכטונג [ווי דער אויסגעבויגענער באל־קען פון אַן ארקע].

ram'pantly *adv.* (רעמ'-פּענט-לי) מיט איבערפלוסקייט, אויף אַן איבערמעסיגען שטייגער; ארויסשפּרינגענדיג פון גדר.

ram'part *n. and v.* (רעמ'-פּאַרט) אין פעסטונגס־ווערק — די ברוסטוועהר [אַן אנגעשאָטענער וואל צו בעשיצען א גע־וויסען טייל פון פעסטונג]; א שוץ־וואל; דאס וואס דיענט אלס שוץ אדער פער־טיידיגונג; בעפעסטיגען מיט א ברוסט־וועהר; בעשיצען; פערשטאַרקען.

ram'pion *n.* (רעמ'-פּי-אַן) איינע פון די גלאָקען־בלומען פון צענטראל און זיד־אייראָפּא [א מין פלאַנצע, וועלכע מען פלעגט פיעל קולטיווירען אין די גערט־נער צוליעב איהר ווארצעל, וואס מען פלעגט געברויכען אלס סאלאַט].

ramps'man *n.* (רעמפּס'-מען) א גזלן, א רויבער.

ram'rod *n.* (רעמ'-ראד) דער לאָד־שטאָק פון א ביקס.

ram'roddy *a.* (רעמ'-ראד-אי) ווי א לאָד־שטאָק; שטייף; פאָרמאַליסטיש; פער'עקשנ'ט.

ram'shackle *a.* (רעמ'-שעקל) קאַליע, שלעכט געמאַכט; צושטערט, פערדאָרבען; צובראָכען.

ram'shackled *a.* (רעמ'-שעקלד) ז. *ramshackle*

ram'shackly *a.* (רעמ'-שעק-לי) ז. *ramshackle*

ram's'-head *n.* (רעמז'-הער) א פלאַנ־צע פון דעם מין "פּרויען־שיך", ז. *lady's-slipper*

ram's'-horn *n.* (רעמז'-האהרן) א האלב־רונדער נעבוי אין גראַבען פון א פעס־טונג; א מין פערשטיינערטע מושעלען, וועלכע מען געפינט אין געוויסע געאָלאָ־גישע שיכטען פון דער ערד.

ram'skin *n.* (רעמ'-סקין) אַזא קען־קוכען.

ram'sons *n.* (רעמ'-זאַנז) א מין קנאָ־בעל, וואס וואַקסט אין די צפון־געגענדען פון אייראָפּא און אזיען.

ram'ulose *a.* (רעמ'-יו-לאָוס) ז. *ramulous*

ram'ulous *a.* (רעמ'-יו-לאָס) פער־צווייגט; וואס האט פיעל צווייגעלעך.

ram'ulus *n.* (רעמ'-יו-לאָס) א צוויי־געל.

ra'mus *n.* (ריי'-מאָס) א צווייגעל אדער א פערצווייגטער טייל [ווי פון א פלאַנצע, פון א בלוט־אָדער א. ד. ג.].

ramus'cule *n.* (רע-מאָס'-קיול) א צווייגעלע.

ran *n.* (רען) א ליעד; געלאָפען. [ז. *run*].

Ra'na *n.* (ראַ'-נאַ) א פּרינץ [דער טי־טול פון א הויפּטלינג אין פערשיעדענע טיילען פון אָסט־אינדיען].

Ra'na *n.* (ריי'-נאַ) דער מין פּרעש.

ra'na *n.* (ריי'-נאַ) א פּראָש.

rana'rium *n.* (רע-ניי'-רי-אַם) א זאַמ־לונג פון לעבעדיגע פּרעש; אַן ארט וואו מען האלט לעבעדיגע פּרעש צו שטודירען זייער קערפּערליכען געבוי, זייער וואוקס און ענטוויקלונג.

rance *n.* (רענס) איינע פון די קרייז־שטעקלעך צווישען די פיסלעך פון א שטוהל; א געשטעל, וואס שפּאַרט עפּעס אונטער און דיענט אלס שטיצע.

rances'cent *a.* (רענ-סעס'-ענט) וואס ווערט טוכלע אדער שימלדיג.

ranch *n. and v.* (רענטש) אין די מערב־געגענדען פון די פעראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקא — די פיה־ווירטשאַפט, א פאַרמע וואו מען קולטיווירט גרויסע שטערעדען פיה; די פערזאָנען וואס זיי־נען אויף אַזא פאַרמע; אַנ־פיהרען א גרויסע פיה־ווירטשאַפט, בע־שעפטיגען זיך מיט פאַסטוכערייי.

ran'cher *n.* (רענ'-טשער) איינער וואס איז בעשעפטיגט אין א גרויסער פיה־ווירטשאַפט. ז. *ranch*

rancheri'a *n.* (רענ-טשע-רי'-אַ) אין מעקסיקא — דער צוזאַמענקונפטס־ארט אדער דאס הויז פון די פאַסטוכער.

ranche'ro *n.* (רענ-טשיי'-ראָו) אין מעק־סיקא — א פאַסטוך, א הירט.

ranch'-house *n.* (רענטש'-האוס) דאס וואהנונגס־הויז פון די פאַסטוכער פון א פיה־ווירטשאַפט. ז. *ranch*

ranch'man *n.* (רענטש'-מען) ז. *rancher*

ran'cho *n.* (רענ'-טשאָו) א גרויסע פאַרמע, א גרויסע פאַכט. ז. *ranch*

ran'cid *a.* (רענ'-סיד) טוכלע, שימל־דיג.

rancid'ity *n.* (רענ-סיד'-אי-טי) טוכ־לעקייט, שימל.

ran'cidness *n.* (רענ'-סיד-נעס) ז. *rancidity*

ran'cor *n.* (רענ'-קאַר) א ביטערער האס; בייזהאַפטיגקייט, פיינדליכקייט.
The party is suffering from the rancor of factions.

ran'corous *a.* (רענ'-קאַר-אַס) מיט א ביטערען האס; בייזהאַפט, פיינדזעליג.

ran'corously *adv.* (רענ'-קאַר-אַס-לי) אויף א בייזהאַפטען, פיינדזעליגען שטיי־נער.

rand *n.* (רענד) ראַנט, א ראַנד־לעדערעל [א שטיקעל לעדער צווישען דער פּאָדעש־ווע און דער זויל].

rand'ing-tool *n.* (רענד'-אינג-טוהל) אַן אינסטרומענט אויסצושניידען ראַנטען. ז. *rand*

Ran'dolph ap'ple (רענ'-דאָלף עפּל) אַזא זאָרט עפּעל. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

ran'dom *a. and n.* (רענ'-דאַם) וואס איז געטהאַן געוואָרען סתם אין דער וועלט אריין; וואס איז אויסגעקליבען געוואָרען צופעליג, אַהן א פאָרויס־בעשטימטען צוועק; צוועקלאָז, ציעללאָז; א זאַך וואס ווערט געטהאַן צופעליג; א צופאל; צו־פעליגקייט; די גרייך־ווייטקייט פון א שאָס.

ran'domly *adv.* (רענ'-דאַם-לי) אויף א צוועקלאָזען אופן; סתם אזוי.

rang (רענג) געקלונגען. ז. *ring*

range *v. and n.* (ריינדזש) אָרדנען, שטעלען אין אָרדנונג; שטעלען אין רייה; איינאָרדנען אין קלאַסען אדער קאַטעגאָ־ריעס, קלאַסיפיצירען; שטעהן אין רייה; זיין אין א גלייכען צושטאַנד אדער ראַנג; וואַנדערען, זיך ארומטרייבען; ארומבראָ־דזשען; דורכוואַנדערען, דורכגעהן; ארי־בערשרייטען, אריבערגעהן; זיך פערשפּריי־טען, זיך אויסציהען; א רייה, א שורה, א ליניע; א קלאַס, א גאַטונג; די אָרד־נונג; די וואַנדערונג; דער גאַנג, דער לויף; די גרויס, דער אומפאַנג; די שטרע־קע, די ווייטקייט; דער שטח; דער אומ־קרייז; דער רוים; די ווירקונגס־ווייט־קייט, די גרייך־ווייטקייט; א פייער־גראַ־טע; א קיך־פּליטע, א קאָך־אויווען; א טרעפּעל פון א לייטער; א מעהל־זיפּ; די איבריגע לענג פון דער אַנקער־קייט, וועלכע בלייבט אויף'ן שיף־דעק, ווען דער אַנקער ווערט אַראָבגעלאָזען אין וואַסער; א שטרייף לעדער אָבגעשניטען פון דעם ראַנד פון א זויל.

range by (ריינדזש באי) פערבייזעגלען, פערבייפאַהרען [ווענען א שיף].

range'-fin'der *n.* (ריינדזש'-פאַינ'-דער) אַן אָפּטישער אינסטרומענט צו בע־שטימען די ווייטקייט פון א געגענשטאַנד פון דעם בעטראַכטונגס־פּונקט.

range'-lights *n.* (ריינדזש'-לאַיטס) ליכט־לעמפּלעך, וועלכע זיינען אויסגע־שטעלט אויף דעם דעק פון א שיף אין א געוויסען האָריזאָנטאַלען מרחק איינע פון די אַנדערע און אין דיעזעלביגער פלעכע מיט דעם קיעל [אַזא איינאָרדנונג פון דער בעלייכטונג צייגט בעסער אַן פאַר די אַנדערע שיפען די ענדערונגען פון דער שיף־ריכטונג]; צוויי אדער מעהרערע ליכטער פון א לייכט־טורם, וועלכע זיינען געשטעלט אין א רייה אום בעסער צו בע־לייכטען דעם וועג פון א שיף אריינצוגעהן אין א קאַנאַל.

range of moun'tains (ריינדזש אוו מאַונ'-טענז) א בערג־קייט [א רייה בערג].

ran'ger *n.* (ריינ'-דזשער) אַן ארומוואַנ־דערער פאַר א געוויסען צוועק; א וואַלד־מייסטער, א וואַלד־אויפזעהער; א שפּיר־הונד; א מיליטער־אַבטיילונג אדער איר־נענד וועלכע בעוואָפענטע מחנה, וואס וואַנדערט דורך א געגענד פאַר א געווי־סען צוועק; א רויבער־וואַנדערער; א רויבער; אַזא פיש; אַזא ים־הונד.

ran'gership *n.* (ריינ'-דזשער-שיפּ) דאס אמט פון א וואַלד־מייסטער.

range'-stove *n.* (ריינדזש'-סטאָוו) א קאָך־אויווען, א קיך־פּליטע.

ran'ging-pole *n.* (ריינ'-דזשינג-פּאָול) ז. *ranging-rod*

ran'ging-rod *n.* (ריינ'-דזשינג-ראד) א שטעקען אדער סלופּ געברויכט ביים לאַנד־מעסטען.

ran'gy *a.* (ריינ'-דזשי) בעוועגליך; וואַנדערנד; גערוים, בעקוועם.

ran'iform *a.* (רענ'-אי-פאָרם) פּראָש־עהנליך, וואס האט די פאָרם פון א פּראָש.

ra'nine *a.* (ריי'-נין) וואס איז שייך צו פּרעש; וואס איז שייך צו דער אונ־טערשטער זייט פון שפּיץ צונג.

raniv'orous *a.* (רע-ניוו'-אָ-ראַס) וואס עסט פּרעש.

rank *n., a. and v.* (רענק) א ראַנג; א שטאַנד; א קלאַס; א גראַד; א רייה, א שערענגע; שטאַרק; קרעפטיג; איבער־מעסיג; פּרוכטבאַר, שטאַרק אין וואַקסען, גרויס און דיק [ווענען פלאַנצען]; וואס פּעראורזאַכט א שטאַרקען וואַקסען; שאַרף אדער שטאַרק [אין געשמאַק, גערוך א. ד. ג.]; פערדאָרבען, עקעלהאַפט, אונזיט־

ליד; איבערטריבען, איבערטריבען אין ווערטה; אונגעדולדיג; אין מעכאניק — וואס שניידעט צו טיעף; ארדנען אין א רייה אדער שערענגע; צושטעלען צו א געוויסען קלאס, שטאנד אדער אבטיילונג; אריבערשטייגען אין ראנג; אויסשטעלען אין ארדנונג; פערנעהמען א געוויסען שטאנד אדער פאזיציאן אין פערגלייך מיט אנדערע; אריינברייינגען א קלאגע אויף דעם אייגענטום פון א באנקראטירטען.

rank and file (רענק ענד פאיל) די סאלדאטען-רייהען, די פראסטע סאלדא-טען אהן די קאמאנדירענדע אפיציערען; די מאסע פון אן ארגאניזאציאן אדער פארטיי [אין אונטערשיעד צו די פיה-רער].

ran'ker *n.* (רענ'-קער) איינער וואס אר-דערט אדער שטעלט אויס אין רייהען; א פראסטער סאלדאט, וואס איז דערהויבען געווארען צום אפיציערען-ראנג.

ran'kle *v.* (רענקל) פעראורזאכען ענט-צינדונג, רייצונג אדער אייטערונג; פער-אורזאכען אן אייטערענדע וואונד; זיך ענטצינדען, אנפאנגען אייטערען; אויפ-רייצען, אריינברייינגען אין כעס; אויפגע-רייצט ווערען, אין כעס ווערען.

rank'ly *adv.* (רענק'-לי) אויף אן אי-בערמעסיגען אופן; אין א צו שטארקען גראד; עקעלהאפט, ווידעריג; גראב, אונ-אנשטענדיג.

rank'ness *n.* (רענק'-נעס) שטארקייט, שארפקייט [אין גערוך, טעם א. ד. ג.]; איבערמעסיגקייט, איבערטריבענקייט; א שטארקער אדער שנעלער וואוקס; שטאר-קע פרוכטבארקייט; אן עקעלהאפטער גע-רוך אדער געשמאק; טוכלעקייט.

ranks *n.* (רענקס) פראסטע סאלדאטען וואס שטעהען אין רייה; שערענגעס.

rank'-scen'ted *a.* (רענק'-סענ'-טעד) וואס האט אן איבעלדיגען גערוך; וואס האט א שטארקען גערוך.

rank with (רענק וויטה) שטעהן אין גלייכער ליניע מיט...

ran'sack *v.* (רענ'-סעק) גענוי דורכ-זוכען; פלינדערען, רויבען.

ran'som *n. and v.* (רענ'-סאם) אויסלייז-געלד; אויסקויפונג דורך אויסלייז-געלד; אויסלעזונג פון געפאנגענשאפט; אויס-לעזען פון געפאנגענשאפט; אויסקויפען דורך אויסלייז-געלד; אויסלעזען, אויס-קויפען.

ran'somable *a.* (רענ'-סאם-עבל) וואס קען אויסגעלעזט אדער אויסגעקויפט ווע-רען.

ran'som-bill *n.* (רענ'-סאם-ביל) א קריעגס-אבמאך וועגען אויסקויפען דורך אויסלייז-געלד אייגענטום וואס איז פער-כאפט געווארען אויף'ן ים.

ran'somer *n.* (רענ'-סאם-ער) אן אויס-קויפער, אן אויסלעזער.

ran'som-free *a.* (רענ'-סאם-פריע) פריי פון אויסלייז-געלד.

ran'somless *a.* (רענ'-סאם-לעס) פריי פון אויסלייז-געלד, אהן אויסלייז-געלד.

rant *v. and n.* (רענט) ריידען מיט א הויכען, שרייענדען קול, ריידען זעהר ליארמדיג, שרייען ווי משוגע; ריידען מיט הויכע קנאקעדיגע פראזען; א באמ-באסטישע שפראך אדער רעדע; דאס רע-דען מיט פוסטע הויכע פראזען אדער מיט אן אויפגעבלאזענער שפראך.

ran'ter *n.* (רענ'-טער) א הויך-שפרעכער, א שרייער; א באמבאסטישער רעדנער; אזא גרויסער ביער-קרוג.

ran'tingly *adv.* (רענ'-טינג-לי) ריידענ-דיג מיט גרויס ליארם; ריידענדיג באמ-באסטיש אדער מיט הויכע פוסטע פרא-זען.

ran'tipole *a., n. and v.* (רענ'-טי-פאול) ווילד, אויסגעלאסען; א ווילדער, אויסגעלאסענער יונג; א ווילדעס, אויס-געלאסענעס מיידעל; ווילד ארומלויפען.

ran'ula *n.* (רענ'-יו-לא) א פראש-גע-שוויר [אזא געשוויר אונטער דער צונג].

ran'ular *a.* (רענ'-יו-לאר) וואס איז ווי אדער וואס איז שייך צו א פראש-געשוויר. ז. *ranula*.

Ranuncula'ceæ *n.* (רע-נאנ-קיו-ליי'-סי-אי) א געוויסער מין שטרויך אדער האלץ-פלאנצען צו וועלכען עס צעהלען זיך ביז ארום 12 הונדערט גאטונגען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך א גרוי-סע צאהל גארטען-בלומען. דער גרעסטער טייל פון דיעזע פלאנצען ענטהאלטען אין זיך א קאלירלאזען גיפטיגען זאפט, וועל-כער ווערט בענוצט אין מעדיצין.

ranuncula'ceous *a.* (רע-נאנ-קיו-ליי'-שיאס) עהנליך צו דער ראנונקעל-פלאנצע. ז. *ranunculus*.

Ranun'culus *n.* (רע-נאנ'-קיו-לאס) דער מין ראנונקעל-פלאנצען [א געוויסער מין בלומען-פלאנצען, די מייסטען זיינען מיט העל-געלבע בלומען און מיט געצאק-טע געטיילטע בלעטער].

ranun'culus *n.* (רע-נאנ'-קיו-לאס) די ראנונקעל [אזא בלומען-פלאנצע].



Ranunculus

ranz des vaches (ראנס דיי וועש) קוהריטען [איינע פון די בעקאנטע מע-לאדיען וואס די פאסטוכער אין דער שווייץ שפיעלען מיט דעם אלפען-הארן].

rap *v. and n.* (רעפ) קלאפען, אנקלא-פען, א קלאפ טהאן; ארויסשיסען [מיט א ווארט, אויסדרוק, קללה]; שווערען, פאלש שווערען [אין דער גנבים-שפראך]; הינרייסען, בעגייסטערען; א שווערער אדער שנעלער קלאפ; דאס קלאפען; אין ספיריטיזם — דאס קלאפען וואס ווערט כלומר'שט ארויסגערופען פון גייסטער; א פאלשע פארצייטיגע אירלענדישע מטבע [א האלבע פעני]; א ווערטהלאזע זאך, א גארנישט; א קנויל פלאקס פון 120 יארד.

Rapa'ces *n.* (רע-פיי'-סיז) דער מין רויב-טהיערע און רויב-פויגלען.

Rapa'cia *n.* (רע-פיי'-שי-א) דער מין רויב-טהיערע.

rapa'cious *a.* (רע-פיי'-שאס) רויבע-ריש, רויב-גיעריג.

rapa'ciously *adv.* (רע-פיי'-שאס-לי) אויף א רויבערישען אופן; מיט רויב-גיערינקייט.

rapa'ciousness *n.* (רע-פיי'-שאס-נעס) רויבערישקייט, רויבגיערינקייט.

rapac'ity *n.* (רע-פעס'-אי-טי) ז. *rapaciousness*.

raparee' *n.* (רעפ-ע-ריע') ז. *rapparee*.

rape *v. and n.* (רייפ) רויבען [מענ-שען אדער זאכען]; פערפיהרען; פער-געוואלדיגען, שענדען; רויבונג; שענדונג, פערגוואלדיגונג; ראפס [אזא ריבען-פלאנצע. די בלעטער ווערען געברויכט אלס פוטער פאר בהמות און פון די זא-מען מאכט מען אויל. ז. אילוסטראציאן]; א ווייןטרויבען-שטענגעל; דער אבפאל פון אויסגעקוועטשטע ווייןטרויבען [די שאלעכץ און די שטענגלעך]; אבפאל-ווייןטרויבען; א פילטער געברויכט אין דער פראדוקציאן פון עסיג.

Rape

rape'-cake *n.* (רייפ'-קייק) א קנויל פון אויסגעפרעסטע ראפס-זאמען. ז. *rape*.

rape'-oil *n.* (רייפ'-איל) ראפס-אויל [אויסגעדריקט פון ראפס-זאמען]. ז. *rape*.

rape'-seed *n.* (רייפ'-סיעד) ראפס; ראפס-זאמען. ז. *rape*.

rape'-seed oil (רייפ'-סיעד איל) ז. *rape-oil*.

rape'-wine *n.* (רייפ'-הוואין) זעהר א פראסטער זארט וויין געמאכט פון דעם אבפאל פון ווייןטרויבען אדער פון שוין אויסגעפרעסטע ווייןטרויבען.

rap'-full *a. and n.* (רעפ'-פול) פול מיט ווינד, פול אנגעצויגען [וועגען זעגלען]; א פול אנגעצויגענער אדער אנגעבלאזע-נער זעגעל.

Raphaelesque' *a.* (רעפ-ע-על-עסק') ראפאעליש, עהנליך צו דעם סטיל פון דעם מאהלער ראפאעל.

Raph'aelism *n.* (רעפ'-ע-על-איזם) רא-פאעליזם, דער סטיל אדער מעטאדע פון דעם מאהלער ראפאעל.

Raph'aelite *n.* (רעפ'-ע-על-איט) א ראפאעליט, אן אנהענגער אדער נאכפאל-גער פון ראפאעל'ס סטיל אין מאלעריי.

ra'phe *n.* (ריי'-פיע) אין אנאטאמיע און באטאניק — א נאהט, א נאהט-עהנליכע פערבינדונג.

Ra'phia *n.* (ריי'-פי-א) א מין פאלמען, ביי וועלכע די צווייגען שפרייטען זיך פא-

נאנדער אין דער הויך אין דער פארם פון גרויסע פעדערען.

rap'id *a. and n.* (רעפ'־איד) שנעל, געשווינד, רייסענד־שנעל; א שנעלער שטראם אין א טייך.

rapidamen'te *adv.* (רע־פי־דא־מענ'־טע) אין מוזיק — שנעל.

rapid'ity *n.* (רע־פיד'־אי־טי) שנעל־קייט, געשווינדקייט.

rap'idly *adv.* (רעפ'־איד־לי) מיט שנעל־קייט, מיט געשווינדקייט.

rap'idness *n.* (רעפ'־איד־נעס) ז. *rapidity*.

rap'ido *adv.* (רעפ'־אי־דא) אין מו־זיק — שנעל, לעבעדיג.

rap'ids *n.* (רעפ'־אידז) א שנעלע שטרע־מונג אין א טייך, א שנעלע וואסער־שטרע־מונג.

ra'pier *n.* (ריי'־פי־ער) א ראפיער, א שפאגע, א פעכט־שווערד.

ra'pier-fish *n.* (ריי'־פי־ער־פיש) א שווערד־פיש. ז. *sword-fish*.

rapil'lo *n.* (רע־פיל'־או) צופולווערטע וואולקאנישע שטפען [וואס קומען פון א פייער־שפייענדען בארג].

rap'ine *n.* (רעפ'־אין) רויב, רויבונג, רויבעריי.

ra'ping *a.* (ריי'־פינג) רויבעריש, רויב־גיריג [ווענען א רויב־טהיער אויף א שילד]; פערפיהרעריש.

rap out (רעפ אוט) ארויסשיסען מיט א ווארט, אויסדרוק, קללה א. ז. וו.; אויס־קלאפען, געבען צייכענס דורך קלאפען [הויפטזעכליך ווענען דעם קלאפען פון די גייסטער, לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

rapparee' *n.* (רעפ־ע־ריע') א בעוואַ־פענטער אירלענדישער רויבער; א וואַ־גאבונד, א בראדיאגע.

rappee' *n.* (רע־פיע') א מין שטארקער שמעק־טאבאק.

rappel' *n.* (רע־פעל') דער פויקען־שלאג צוזאמענצורופען סאלדאטען; א מין מו־זיקאלישער אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון א רינג בעהאנגען מיט גלעקלעך אדער בלעכלעך.

rap'pen *n.* (רעפ'־ען) א ראפען [אזא קליינע שווייצארישע קופערנע מטבע, וואס האט דעם ווערטה פון א סאנטים].

rap'per *n.* (רעפ'־ער) אן אנקלאפער, א קלאפער [איבערהויפט ביי די ספירי־טיסטען — א גייסט, וואס גיט סיגנאלען דורך קלאפען].

rap'ping *n.* (רעפ'־אינג) דאס קלאפען וואס ווערט כלומרשט ארויסגערופען פון גייסטער לויט דעם גלויבען פון די ספי־ריטיסטען.

Rap'pist *n.* (רעפ'־איסט) א ראפיסט. ז. *Harmonist*.

Rap'pite *n.* (רעפ'־איט) א ראפיסט. ז. *Harmonist*.

rapport' *v.* (רע־פאורט') זיין אין בעצי־הונג, זיך בעציהען צו...

rapport' *n.* (רע־פאור') איבעראיינשטי־מונג, הארמאנישער צוזאמענהאנג; א רא־פארט.

I am not in **rapport** with the present city administration.

rapproche'ment *n.* (רע־פראוש'־מאן) פעראייניגונג, דאס שלום מאכען, דאס ברייננען צו איבעראיינשטימונג.

rapscal'lion *n.* (רעפ־סקעל'־יאן) א וואגאבונד, א בראדיאגע; אן אויסוואורף, א טויגעניכטס.

rapt *a.* (רעפט) הינגעריסען, בעגייסטערט, אין התלהבות; אנגעקלאפט.

rap'ter *n.* (רעפ'־טער) ז. *raptor*.

rap'tor *n.* (רעפ'־טאר) א רויבער.

Rapto'res *n.* (רעפ־טאו'־ריז) די רויב־פויגעל בכלל.

rapto'rial *a. and n.* (רעפ־טאו'־רי־על) וואס איז צוגעפאסט צו רויב [ווי דער שנאבעל און די נעגעל פון א רויב־פויגעל]; וואס איז שייך צו רויב־פויגעל; רויבעריש, רויבגיעריג; א רויב־פויגעל.

rap'ture *n.* (רעפ'־טשור) א העפטיגע בעוועגונג; בעוועגונגס־ענערגיע; א שנע־לע הינרייסענדע בעוועגונג; ענטציקונג; הינרייסונג; א העפטיגע ליידענשאפט.

rap'tured *a.* (רעפ'־טשורד) ענטציקט; הינגעריסען.

rap'turous *a.* (רעפ'־טשור־אס) ענטצי־קענד; הינרייסענד; ענטציקט.

rap'turously *adv.* (רעפ'־טשור־אס־לי) מיט ענטציקונג; מיט הינרייסונג; מיט העפטיגער ליידענשאפט.

ra'ra *n.* (רא'־רא) דער פלאנצען־שניידער [אזא דרום־אמעריקאנישער פויגעל, וואס לאזט ארויס א כארכלענדען געשריי].

ra'ra a'vis (ריי'־רא איי'־וויס) א זעל־טענער פויגעל; א מאדנער מענש אדער זאך; א זעלטענער מענש.

rare *a.* (רעהר) זעלטען; אויסערגעוועהנ־ליך; אויסגעצייכענט; שיטער; ניט דער־קאכט, האלב־רויה, האלב־געזאטען [ווענען פלייש].

rare'bit *n.* (רעהר'־ביט) אזא נעריכט געמאכט פון צוריבענעם אנגעווארעמטען קעז, וואס ווערט בענאסען אויף געפרע־געלטען ברויט.

rar'ee-show *n.* (רער'־אי־שאו) א קוק־קאסטען [א קאסטען, אין וועלכע מען ווייזט אנטיקען].

rarefac'tion *n.* (רער־אי־פעק'־שאן) די פערשיטערונג, דאס שיטער מאכען.

rar'efiable *a.* (רער'־אי־פאי־עבל) וואס קען געמאכט ווערען שיטער.

rarefica'tion *n.* (רער־אי־פי־קיי'־שאן) ז. *rarefaction*.

rar'efy *v.* (רער'־אי־פאי) מאכען שי־טער; ווערען שיטער.

rare'ly *adv.* (רעהר'־לי) זעלטען; אויס־געצייכענט, פארטרעפליך; ניט־דערקאכט, האלב־רויה [ווענען פלייש].

rare'ness *n.* (רעהר'־נעס) זעלטענקייט; שיטערקייט; דאס זיין ניט־דערקאכט אדער האלב־רויה [ווענען פלייש].

rare'ripe *a. and n.* (רעהר'־ראיפ) פריה־רייף, וואס ווערט רייף פאר דער צייט [ווענען פרוכט]; א פרוכט וואס ווערט פריה רייף אדער צייטיג.

rar'ity *n.* (רער'־אי־טי) זעלטענקייט; א זעלטענהייט, אן אנטיק; שיטערקייט.

ra'sant *a.* (ריי'־זענט) שטרייכענד, שטרייפענד, קעהרענד ווי מיט א בעזים [ווענען אן ארט שיסען פון א פעסטונג].

ras'cal *n. and a.* (רעס'־קעל) א שופט, א ליידאק, א שורקע, א שעלמאק, א לומפ; א חיה וואס לוינט ניט פאר'ן יעגער צו שיסען אדער צו פאנגען; א מאגערער הירש וואס לוינט ניט צו שיסען אדער צו פאנגען; נידריג, געמיין, נידערטרעכטיג, לומפיג.

ras'caldom *n.* (רעס'־קעל־דאם) א לומ־פען־געזינדעל; שורקעריי, לומפעריי.

ras'calism *n.* (רעס'־קעל־איזם) שור־קעריי, שופטעריי, לומפעריי, געמיינהייט.

rascal'ity *n.* (רעס־קעל'־אי־טי) שורקע־ריי, שופטעריי, געמיינהייט, לומפעריי.

ras'cal-like *a.* (רעס'־קעל־לאיק) ווי א שורקע, א לומפ אדער א שופט; ווי א מאגערער הירש וואס לוינט זיך ניט פאר'ן יעגער איהם צו פאנגען אדער שיסען.

rascal'lion *n.* (רעס־קעל'־יאן) א ני־דערטרעכטיגער יונג, א לומפ, א שורקע.

ras'cally *a.* (רעס'־קעל־אי) לומפיג, נידערטרעכטיג, געמיין.

rase *v. and n.* (רייז) אברייבען, אב־קראצען; אויסמעקען, פערניכטען; צושטע־רען; אן אברייבונג; א קראץ; א לייכ־טע וואונד.

rasga'do *n.* (רעס־גא'־דאו) ראסגאדא, דער קלאנג וואס בעקומט זיך פון דורכ־פיהרען דעם גראבען פינגער איבער די סטרונעס פון א גיטארע.

rash *a. and n.* (רעש) ראש, האסטיג, איבעראיילט, אונבעזאנען; אן אויסשלאג; אן אויסשיטונג; א מין זיידען־צייג פון א פראסטען זארט.

rash'er *n.* (רעש'־ער) א פענעץ [פון חזיר־פלייש]; א מין קאליפארנישער פיש פון א רויטליכען קאליר.

rash'ly *adv.* (רעש'־לי) אויף א ראשען, האסטיגען שטייגער; איבעראיילט, אהן ישוב הדעת.

rash'ness *n.* (רעש'־נעס) איבעראיילט־קייט, האסטיגקייט, אונבעזאנענהייט; עפעס וואס ווערט געטהאן האסטיג, אונבעזאנען.

ra'sing-knife *n.* (ריי'־זינג־נאיף) א מין מעסער מיט אן אויסגעבויגענעם שפיץ אויסצושניידען צייכענס אין האלץ, בליי א. ד. ג.

Raskol'niks *n.* (רעס־קאל'־ניקס) די ראסקאלניקעס [פערשיידענע רוסישע רע־ליגיעזע סעקטען וועלכע טרעטען ארויס געגען דעם רוסישען ארטאדאקסישען גלוי־בען, ד. ה. געגען דער פראוואסלאווער קירך].

Raso'res *n.* (רע־סאו'־ריז) דער מין פויגעל, וועלכע קראצען און שארען מיט די פיס [ווי היהנער א. ד. ג.].

raso'rial *a.* (רע־סאו'־רי־על) קראצי־גע, שאריגע [פון דעם מין פויגלען, וואס קראצען אדער שארען מיט די פיסלעך].

rasp *n. and v.* (רעספ) א גראבע פייל; א מאשין צום אבפיילען אדער אבריייבען עפעס; א געקראצטע אדער שארסטקע אויבערפלעכע; פיילען אדער רייבען מיט א גראבער פייל; קראצען; שטארק אנ־ריהרען איינעמס געפיהלען.

ras'patory *n.* (רעס'־פע־טא־רי) דאס ראספאטאריום [א כירורגישער אינסטרו־מענט אבצורייבען אדער ארומצופיילען א ביין בעת אן אפעראציע].

rasp'berry *n.* (רעז'־בער־אי) א מאלינע, א הימבעערע [אזא מין יאגדע]; די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען מא־לינעס.



Raspberry

rasp'berry-bush *n.* (רעזפ׳-בער-אי-בוש) א קוסט אדער בוש פון מאלינעס.

ras'per *n.* (רעס׳-פער) א פיילער, א מאשין צו פיילען אדער אבצורייבען עפעס.

ras'ping *n. and a.* (רעס׳-פינג) איינע פון די שטיקלעך וואס פאלען אראב ביים פיילען אדער שקראבען עפעס; קראצענד; גרילצענד.

ras'pingly *adv.* (רעס׳-פינג-לי) מיט א קראצענדען אדער גרילצענדען קלאנג; שקראבענדיג, רייבענדיג, קראצענדיג.

ras'ping-machine' *n.* (רעס׳-פינג-מע-שין׳) א מאשין צו רייבען האלץ, קארע א. ד. ג.; א מאשין צו רייבען צוקער-ריבען צו פאבריצירען צוקער.

ras'ping-mill *n.* (רעס׳-פינג-מיל) א זעג-עהנליכע מאשין צו צורייבען אדער צושניידען אין קליינע שטיקלעך האלץ, קארע א. ד. ג. פאר פערשיעדענע צוועקען.

ras'pings *n.* (רעס׳-פינגז) פייל-שפענער, אפילקעס, די אבפיילעכץ [די אבגעריבענע אדער אבגעפיילטע שטיקלעך].

ras'py *a.* (רעס׳-פי) קראצענד, גרילצענד, גראב.

ras'trum *n.* (רעס׳-טראם) א פינף-שפיציגע שרייב-פעדער צו מאכען ליניעס פאר מוזיק-נאטען; א גראטע, א פארקאן מיט שפיצען צו מאכען שווער דאס איבערקלעטערען איבער איהם.

ra'sure *n.* (ריי׳-זשור) דאס אויסמעקען, דאס אויסקראצען.

rat *n.* (רעט) א ראץ [א ראט]; א רענעגאט, איינער וואס לויפט אריבער אין שונא'ס לאגער צוליעב פערזענליכע צוועקען; א סקעב, א סטרייק-ברעכער; אן ארבייטער וואס בעלאנגט ניט צו א טרייד-יוניאן [א געווערקשאפט, פראפעסיאנעלער פעראיין].

ratabil'ity *n.* (ריי-טע-ביל׳-אי-טי) דאס קענען אבגעשאצט ווערען; פערהעלטניסמעסיגקייט, דאס זיין פראפארציאנעל.

ra'table *a.* (ריי׳-טעבל) וואס קען אבגעשאצט ווערען; שטייערבאר, וואס דארף בעשטייערט ווערען; פראפארציאנעל, פערהעלטניסמעסיג.

ra'tableness *n.* (ריי׳-טעבל-נעס) ז. *ratability*

ra'tably *adv.* (ריי׳-טע-בלי) אין פערהעלטניס, נאך׳ן ערך.

ratafi'a *n.* (רעט-ע-פי׳-א) ראטאפיא, נאליווקע, פרוכט-ליקער [א שנאפס אנגעגאסען אויף פרוכט].

ratan' *n. and v.* (רע-טען׳) דער ראטאנג אדער שפאנישער ראהר, א מין דינע קלעטערענדע אסט-אינדישע פאלמע; דער שטאם פון אזעלכע פאלמען; שפאציער-שטעקלעך וואס ווערען געמאכט פון דיעזע שטאמען; אויסארבייטען אדער בענוצען שפאנישען ראהר.

rat'any *n.* (רעט׳-ע-ני) די ראטאניע [א דרום-אמעריקאנישער קוסט אדער בוש מיט בלעטלעך פון א גרוי-זילבערנעם קאליר. זיין ווארצעל ווערט געברויכט אין מעדיצין]; א מעדיצינישער שטאף, וואס מען בעקומט פון דיעזער פלאנצע.



Ratany

rataplan' *n.* (רעט-ע-פלאן׳) דאס קלאפען אדער די מוזיק פון א באראבאן.

rat'-a-tat' *n.* (רעט׳-ע-טעט׳) דאס קלאפען [ווי פון א באראבאן].

rat'-catch'er *n.* (רעט׳-קעטש׳-ער) א ראצען-כאפער.

ratch *n.* (רעטש) ז. *ratchet-wheel*

ratch'et *n.* (רעטש׳-עט) א שפאר-האקען אדער שפאר-ריגעל [א קליין שפיציג צינגעלע, וואס שטעלט זיך אריין צווישען די צייהנדלעך פון א צאהן-רעדעל אנצוטרייבען אדער אבצוהאלטען זיין גאנג, ווי אין א זייגער, למשל].

ratch'et-wheel *n.* (רעטש׳-עט-הוויעל) א שפאר-ראד, א פערהאלט-ראד [א צאהן-רעדעל, אין וועלכען עס שטעלט זיך אריין א קליין צינגעל אנצוטרייבען אדער צו פערהאלטען זיין גאנג].



Ratchet-wheel

ratch'ety *a.* (רעטש׳-ע-טי) ווי די בעוועגונגען פון צינגעל וואס פערהאלט א צאהן-רעדעל; אבשפרינגענד, קלאפענד.

rate *v. and n.* (רייט) אויסזידלען, אנשרייען, אויסרעדען; אבשאצען; ארויפלעגען א טאקסע, בעשטייערען; סארטירען, בעשטימען צו וואס פאר א קלאס, ראנג אדער לאגע איינער אדער עפעס געהערט; די ראטע אדער די מאס פון א זאך [אין איהר פערהעלטניס צו עפעס]; א פראפארציאנעלע סומע אדער גראד; דער ווערטה; דער פרייז; דער ראנג אדער קלאס פון א קריעגס-שיף אדער האנדעלס-שיף; דער גאנג פון א זייגער [די ארט און ווייזע פון זיין לויפען אדער פערשפעטיגען זיך]; אין ענגלאנד — א טאקסע וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף אייגענטום פאר לאקאלע בעדערפנישען; א בעשטימטע סומע.

rate'-book *n.* (רייט׳-בוק) א שטייער-בוך, א בוך, וואו עס איז פערשריבען די ראטע אדער שטייערען, מיט וועלכע יעדער איז טאקסירט.

rate'payer *n.* (רייט׳-פיי-ער) אין ענגלאנד — א שטייער-צאהלער, איינער וועלכער איז פערפפליכטעט צו צאהלען א געוויסען שטייער פאר לאקאלע בעדערפנישען פון דער געמיינדע.

rate'paying *a.* (רייט׳-פיי-אינג) וואס צאהלט א לאקאלען שטייער. ז. *ratepayer*

ra'ter *n.* (ריי׳-טער) דער אבשאצער, דער וואס בעשטימט דעם ווערטה פון עפעס.

rat'-hare *n.* (רעט׳-העהר) אזא גרייזשענד חיה'לע עהנליך צו א ראץ פון די בערגיגע לענדער פון אייראפא און אזיען.

Rat-hare

relis'ten *v.* (רי-ליס'ן) וויעדער זיך צוהערען, אויפס-ניי הארכען.

relive' *v.* (רי-ליוו') וויעדער לעבען, פון דאס ניי אויפלעבען; נאך אמאל דורכלעבען.

reload' *v.* (רי-לאוד') וויעדער אנלאדען [א ביקס]; וויעדער בעלאדען [מיט משא].

reloan' *v.* (רי-לאון') וויעדער לייהען.

relo'cate *v.* (רי-לאו'-קייט) צוריקבריינגען אויף אן ארט; וויעדער בעזעצען.

reloca'tion *n.* (רי־לאָ־קיי׳־שאַן) דאָס ברענגען צוריק אויף אַן אָרט; דאָס בעַ־זעצען אויף אַ נייעם אָרט; אין שאָטלענ־דישער געזעצגעבונג — דאָס ווידער פער־פאַכטען, פערדינגען אָדער אָבגעבען אין אָרענדע.

relodge' *v.* (רי־לאַדזש׳) ווידער איינ־קוואַרטירען.

relu'cent *a.* (רי־ליו׳־סענט) שטראַ־לענד, שיינענד.

reluct' *v.* (רי־לאַקט׳) ווידערשטרעבען, זיך שטעלען אַנטקעגען, געבען אַ ווידער־שטאַנד.

reluc'tance *n.* (רי־לאַק׳־טענס) אַ ווי־דערשטרעבען, אַ ווידערווילען, אַ ווידער־שטאַנד.

reluc'tancy *n.* (רי־לאַק׳־טען־סי) ז. *reluctance*.

reluc'tant *a.* (רי־לאַק׳־טענט) אונווילליג, ווידערווילליג, ווידערשטרעבענד.

reluc'tantly *adv.* (רי־לאַק׳־טענט־לי) מיט ווידערווילען, מיט ווידערשטרעבונג; אונווילליג.

relume' *v.* (רי־ליום׳) ווידער אַנציג־דען, ווידער בעלייכטען.

relu'mine *v.* (רי־ליו׳־מין) פון דאָס נייַ בעלייכטען; ווידער אַנצינדען.

rely' *v.* (רי־לאַי׳) זיך פערלאָזען אויף...; זיך שטיצען אויף...; זיך פערטרויען אויף...

Don't rely on his promises. He will not keep them.

remain' *v. and n.* (רי־מיין׳) בלייבען; צוריקבלייבען, נאָכבלייבען, איבערבלייבען; עטוואָס וואָס בלייבט נאָך, עטוואָס וואָס איז צוריקגעבליבען.

remain'der *n.* (רי־מיינ׳־דער) דער רעשט; דאָס איבערגעבליבענע; אין מאַ־טעמאַטיק — די דיפערענץ, דער איבער־רעשט [דאָס וואָס בלייבט איבער אַראָב־גענעמענדיג איין צאָהל פון דער אַנדערער, ווי אין חסור, אָדער ביים טיילען איין צאָהל אויף דער אַנדערער, ווי אין חלוק]; אַ צו־קינפטיגער בעזיץ, בעזאָנדערס פון לאַנד, וואָס נעהמט ערשט דאַן אַריין אין קראַפט, ווען עס ענדיגט זיך דער בעזיץ־אַנשפּרוך פון אַן אַנדערען [צ. ב. ווען מען שרייבט אָב לאַנד אָדער אַ הויז אויף אַזאַ אופן, דאָס פאָר לעבענס לאַנג זאָל עס געהערען צו ראובן'ען און אַז ראובן וועט שטאַר־בען זאָל עס געהערען צו שמעון'ען]; אי־בערגעבליבענע ביכער פון אַן אויפלאַגע פון אַן אויספערקויף אין אַ בוך־האַנדלונג, וועלכע ווערען פערקויפט מיט רעדוצירטע פרייזען.

remain'der-man *n.* (רי־מיינ׳־דער־מען) אַ פערזאָן וואָס האָט דאָס רעכט אויף אַן איינענטומס־בעזיץ נאָכדעם ווי דער בעזיץ־אַנשפּרוך פון אַן אַנדערען אויף דיזען בעזיץ האָט זיך געענדיגט.

ז. *remainder*.

remain' on hand (רי־מיין׳ אָן הענד) בלייבען אונפערקויפט [וועגען סחורות].

remains' *n.* (רי־מיינז׳) רעשטען פון אַ געשטאָרבענעם; אַ טויטער קערפער; די ניט־געדרוקטע ווערק פון אַ פערשטאָר־בענעם שרייבער; געבליבענע זאַכען.

remake' *v.* (רי־מייק׳) איבערמאַכען, מאַכען פון דאָס ניי.

remand' *v. and n.* (רי־מענד׳) צוריק־שיקען; צוריקפאָדערען; צוריקברייינגען; דאָס צוריקשיקען; דאָס צוריקרופען.

remand'ment *n.* (רי־מענד׳־מענט) דאָס צוריקשיקען; דאָס צוריקרופען.

rem'anence *n.* (רעמ׳־ע־נענס) דאָס פערבלייבען, דאָס צוריקבלייבען, די פאַרט־דויער, די פערמאַנענץ.

rem'anent *a.* (רעמ׳־ע־נענט) וואָס בלייבט; וואָס בלייבט איבער.

rem'anet *n.* (רעמ׳־ע־נעט) אַן אָבגע־לעגטער פּראָצעס [משפּט].

remanure' *v.* (רי־מע־ניור׳) פון דאָס ניי בעמיסטיגען.

remark' *n. and v.* (רי־מאַרק׳) אַ בע־מערקונג, אַן אָנמערקונג; אַ נאָטיץ; אַ צייכען; בעמערקען, דערזעהען; מאַכען אַ בעמערקונג, בעמערקען [אויסדריקען אַ מיינונג]; פון דאָס ניי בעצייכענען.

remark'able *a.* (רי־מאַרק׳־עבל) מערק־ווירדיג; בעמערקענסווערטה; אויסגעצייַ־כענט, אונגעוועהנליך, אויסערארדענטליך.

The war was the most remarkable conflict of our times.

remark'ableness *n.* (רי־מאַרק׳־עבל־נעס) די מערקווירדיגקייט.

remark'ably *adv.* (רי־מאַרק׳־ע־בלי) אויף אַ מערקווירדיגען אופן; אויסגעצייַ־כענט, אונגעוועהנליך; גאַנץ בעזונדערס.

He has a remarkably strong constitution.

remarked' *a.* (רי־מאַרקט׳) מערקוויר־דיג, אויסגעצייכענט.

remark'er *n.* (רי־מאַרק׳־ער) אַן אָנמער־קער; איינער וואָס מאַכט בעמערקונגען; אַ קריטיקער, אַ בעאָבאַכטער.

remar'riage *n.* (רי־מער׳־אידזש) אַ צווייטע הייראַט; דאָס חתונה האָבען נאָך אַמאָל.

remar'ry *v.* (רי־מער׳־אי) ווידער היי־ראַטען, חתונה האָבען נאָך אַמאָל.

remas'ticate *v.* (רי־מעס׳־טי־קייט) איבערקייען, נאָך אַמאָל קייען, מעלה גרה זיין.

remastica'tion *n.* (רי־מעס־טי־קיי׳־שאַן) דאָס איבערקייען, דאָס קייען נאָך אַמאָל, דאָס מעלה גרה זיין.

Rembrandtesque' *a.* (רעמ־ברענ־טעסק׳) וואָס איז עהנליך צום סטיל פון האָללענדישען מאָלער רעמבראַנדט [געשט. 1669].

Rem'brandtish *a.* (רעמ׳־ברענט־איש) ז. *Rembrandtesque*.

remeas'ure *v.* (רי־מעזש׳־אור) איבער־מעסטען, נאָך אַמאָל מעסטען.

reme'diable *a.* (רי־מי׳־די־עבל) וואָס קען געהאָלפען אָדער געהיילט ווערען; צו וואָס עס איז פאַראַן אַ רפואה אָדער אַ מיטעל.

reme'diableness *n.* (רי־מי׳־די־עבל־נעס) היילבאַרקייט; דאָס קענען געהיילט אָדער געהאָלפען ווערען.

reme'diably *adv.* (רי־מי׳־די־ע־בלי) אין אַ צושטאַנד וואָס מען קען נאָך העל־פען אָדער געפינען אַ תרופה.

reme'dial *a.* (רי־מי׳־די־על) היילענד, העלפענד; וואָס איז אַ תרופה, וואָס העלפט.

reme'dially *adv.* (רי־מי׳־די־על־אי) אַלס רפואה, אַלס תרופה, אַלס אַ העלפענ־דעם מיטעל.

rem'ediless *a.* (רעמ׳־ע־די־לעס) אונ־היילבאַר, ניט צום העלפען; ניט אויסצו־מיידען; אָהן אַ תרופה; וואָס קען מעהר ניט צורעכט געמאַכט ווערען.

rem'edilessly *adv.* (רעמ׳־ע־די־לעס־לי) ניט צום העלפען, אָהן אַ תרופה; אין אַן אונהיילבאַרען צושטאַנד; אין אַ צו־שטאַנד וואָס קיין תרופה קען ניט העלפען.

rem'edilessness *n.* (רעמ׳־ע־די־לעס־נעס) אונהיילבאַרקייט, דאָס זיין ניט מעהר צו העלפען.

rem'edy *n. and v.* (רעמ׳־ע־די) אַ תרופה; אַ מעדיצין, אַ רפואה; אַ מיטעל; אַ הילפס־מיטעל; די ערלויבטע פערמינדע־רונג פון דעם געוויכט פון מטבעות ביים פרעגען זיי, כדי זיי זאָלען אַרויסקומען שעהנער; קורירען, היילען; העלפען; פער־ריכטען, אויסבעסערען; אָבשאַפען אַ פעה־לער אָדער אַן איבעל.

remeet' *v.* (רי־מיעט׳) ווידער בעגעג־נען, ווידער טרעפען.

remelt' *v.* (רי־מעלט׳) איבערשמעלצען, שמעלצען נאָך אַמאָל.

remem'ber *v.* (רי־מעמ׳־בער) 1. געדענ־קען; דערמאָהנען, ערינערען; ערינערען זיך, דערמאָהנען זיך; 2. דערמאָהנען צו גוטען, איבערגעבען אַ גרוס; 3. דערמאָהנען מיט אַ מתנה, געבען אַ געשענק.

2. Remember me to your brother. 3. He remembers his friends with gifts.

remem'berable *a.* (רי־מעמ׳־בער־עבל) וואָס לאָזט זיך געדענקען; וואָס איז ווערטה צו געדענקען אָדער ערינערען.

remem'berably *adv.* (רי־מעמ׳־בער־ע־בלי) אויף אַן אופן, אַז מען זאָל קענען געדענקען; ווערטה צו געדענקען.

remem'berer *n.* (רי־מעמ׳־בער־ער) איינער וואָס געדענקט אָדער ערינערט זיך.

remem'brance *n.* (רי־מעמ׳־ברענס) דאָס געדענקען; דאָס געדעכניס, דער זכרון; די ערינערונגס־פעהיגקייט, דער כח הזכרון; אַן ערינערונג; אַן אַנדענקען; עפּעס וואָס ערינערט אָדער דערמאָהנט [אַ מצבה, מאָנומענט, אַ נאָטיץ, אַ מע־מאָראַנדום א. ד. ג.]; אַ גרוס.

remem'brance book (רי־מעמ׳־ברענס בוק) אַ נאָטיץ־ביכעל.

remem'brancer *n.* (רי־מעמ׳־ברענ־סער) אַ דערמאָהנער, אַן ערינערער; אַן אַנדענקען; אַ סעקרעטער; דער שאַצקאַ־מער־סעקרעטער אין ענגלאַנד.

remem'orative *a.* (רי־מעמ׳־אָ־ריי־טיוו) וואָס דערמאָהנט, וואָס ערינערט.

remerge' *v.* (רי־מוירדזש׳) ווידער זיך אונטערטוקען, ווידער פערזינקען; וויע־דער פערגעהן.

re'mex *n.* (רי׳־מעקס) איינער פון די פליה־פעדערען אין די פליגלען פון אַ פוי־געל [איינער פון די גרויסע שטייפע פע־דערען].

rem'iform *a.* (רעמ׳־אי־פאָרם) רודער־פערמיג, וואָס האָט די פאָרם פון אַ שיף־רודער.

rem'igable *a.* (רעמ׳־אי־געבל) מיט וואָס מען קען רודערען, וואָס עס פאַסט צום שיפען אַ רודער־שיפעל.

rem'iges *n.* (רעמ׳־אי־דזשיז) די פליה־פעדערען פון אַ פויגעל'ס פליגלען [די גרוי־סע שטייפע פעדערען]. ז. *remex*.

remig'ial *a.* (רי־מידזש׳־אי־על) וואָס איז שייך צו די פליה־פעדערען אין די פליגלען פון אַ פויגעל. ז. *remex*.

rem'igrate *v.* (רעמ׳־אי־גרייט) צוריק־וואַנדערען, צוריקפאָהרען, צוריקקעהרען זיך.

remigra'tion *n.* (רעמ־אי־גריי׳־שאַן) די צוריקוואַנדערונג; דאָס צוריקפאָהרען, דאָס צוריקקעהרען זיך.

remind' *v.* (רי־מאַינד׳) ערינערען, דער־מאָהנען.

remin'der *n.* (רי־מאַינ׳־דער) אַ דער־מאָהנער, אַן ערינערער; עטוואָס וואָס דערמאָהנט.

remind'ful *a.* (רי־מאַינד׳־פול) וואָס דערמאָהנט, וואָס ערינערט; וואָס געדענקט.

reminis'cence *n.* (רעמ־אי־ניס׳־ענס) דאָס ערינערען; די ערינערונגס־פעהיגקייט;

אן ערינערונג: א מוזיקאלישע קאמפאזי־ציע, וואס בעהאנדעלט אויף א נייעם אופן אן אלטע טהעמא.

reminis'cent *a. and n.* (רעמ-אי-ניס'-ענט) וואס דערמאהנט, וואס ערינערט; זיך ערינערנד; אן ערינערער, א דער־מאהנער.

reminiscen'tial *a.* (רעמ-אי-ני-סענ'-שעל) וואס איז שייך צו ערינערונגען, וואס קומט פון ערינערונגען.

reminiscen'tially *adv.* (רעמ-אי-ני-סענ'-שעל-אי) דורך ערינערונג, דורך דער־מאהנען זיך.

rem'iped *a. and n.* (רעמ'-אי-פעד) וואס האט רודער־פערמיגע פיס; א חיה מיט רודער־פערמיגע פיס.

remise' *v. and n.* (רי-מאיז') צוריקגע־בען; אויפגעבען [א פאדערונג אדער א רעכט], אבזאגען זיך פון א פרעטענזיע; איבערטראגען [א רעכט]; דאס אויפגע־בען [א פאדערונג אדער א רעכט]; אזא קאראקטע.

remiss' *a.* (רי-מיס') אבגעלאזען; פויל; לאנגזאם; נאכלעסיג; אהן ענערגיע.
He is very **remiss** in his duties.

remissibil'ity *n.* (רי-מיס-אי-ביל'-אי-טי) די פערצייהליכקייט [פון זינד], די מעגליכקייט פון פערצייהונג.

remis'sible *a.* (רי-מיס'-איבל) וואס קען פערצייהט ווערען, וואס קען פערגעבען ווערען.

remis'sion *n.* (רי-מיש'-אן) מחילה, פערגעבונג, פערצייהונג [פון זינד]; דאס שענקען [א חוב, א שטראף, אן ארויפגעלעגטען שטייער א. ד. ג.]; דאס נאכלאזען, דאס שוואכער ווערען [פון א שמערץ, א קראנקהייט א. ד. ג.]; א פער־מינדערונג, א מילדערונג; דאס אריבער־שיקען ערגעץ־וואו געלד.

remis'sive *a.* (רי-מיס'-איוו) וואס לאזט נאך, וואס ווערט שוואכער; וואס פער־צייהט, וואס איז מוחל.

remiss'ly *adv.* (רי-מיס'-לי) אויף א נאכלעסיגען אופן; מיט אבגעלאזענקייט; אהן ענערגיע.

remiss'ness *n.* (רי-מיס'-נעס) פויל־קייט, נאכלעסיגקייט, אבגעלאזענקייט.

remis'sory *a.* (רי-מיס'-א-רי) וואס איז שייך צו מחילה; וואס דיענט צו פערגע־בונג.

remit' *v. and n.* (רי-מיט') אבשוואַ־כען, פערמינדערען, פערקלענערען; נאכלא־זען, שוואכער ווערען, פערמינדערט ווע־רען; פערצייהען, פערגעבען; שענקען אדער נאכלאזען [א חוב, א שטראף א. ד. ג.]; אבזאגען זיך, אויפגעבען; אב־לאזען אויף א ווייל [וועגען פיבער]; אבלעגען אויף א געוויסער צייט; איבער־טראגען אדער ברייננען צוריק אין דעם פריהעריגען ארט אדער צושטאנד; ארי־בערטראגען א פראצעס פון איין געריכט אין אן אנדערען; איבערשיקען געלד; דאס צוריקשיקען א פראצעס פון איין גע־ריכט צו אן אנדערען; א פארמעלע צו־שריפט פון א העכערען געריכטס־טריבו־נאל צו א נידריגערען.

remit'ment *n.* (רי-מיט'-מענט) פער־צייהונג, פערגעבונג.

remit'table *a.* (רי-מיט'-עבל) ז. *remissible*

remit'tal *n.* (רי-מיט'-על) דאס אויפ־געבען, דאס אבזאגען זיך; דאס איבער־שיקען [געלד, וועקסלען א. ד. ג.].

remit'tance *n.* (רי-מיט'-ענס) דאס איבערשיקען געלד, וועקסלען א. ד. ג.; א געלד־סומע אדער א וועקסעל, וואס איז איבערגעשיקט געווארען צו בעצאהלען א חוב.

remit'tancer *n.* (רי-מיט'-ענ-סער) איינער וואס שיקט איבער געלד אדער א וועקסעל צו בעצאהלען א חוב.

remittee' *n.* (רי-מיט-אי') א פערזאן צו וועמען מען שיקט געלד אדער וועקס־לען.

remit'tent *a. and n.* (רי-מיט'-ענט) וואס לאזט אב אויף א ווייל און קעהרט זיך ווידער צוריק [וועגען פיבער אדער אנדערע קראנקהייטען]; א פיבער, וואס לאזט נאך אויף א ווייל און קומט ווי־דער צוריק; קדחת.

remit'ter *n.* (רי-מיט'-ער) א געלד־שיקער; איינער וואס שיקט איבער געלד אדער וועקסלען צו דעקען חובות; א פער־צייהער, א פערגעבער; דאס צוריקקעה־רען צו איינעם א טיטול אדער א רעכט וואס ער האט פריהער געהאט.

remit' to cus'tody (רי-מיט'-טו קאס־טא-די) ווידער אריינזעצען אין געפענג־ניס.

remit'tor *n.* (רי-מיט'-אר) דאס צו־ריק אומקעהרען צו איינעם א טיטול אדער רעכט וואס ער האט פריהער געהאט.

remix' *v.* (רי-מיקס') איבערמישען, מי־שען נאך אמאל.

rem'nant *n.* (רעמ'-נענט) דאס וואס בלייבט, דאס געבליבענע; דער רעשט; א רעשטעל [פון טוך אדער צייג].
This dress is made of **remnants**.

remod'el *v.* (רי-מאד'-על) איבערמא־כען, איבערגיסען אין א נייער פארם; איבערבויען; איבערארבייטען [נאך א נייעם פלאן].

remodifica'tion *n.* (רי-מאד-אי-פי-קיי'-שאן) א נייע מאדיפיקאציאן, א נייע ענדערונג, די אומענדערונג פון עפעס.

remod'ify *v.* (רי-מאד'-אי-פאי) נאך אמאל ענדערען, איבערבויען, איבערפאר־מירען.

remold' *v.* (רי-מאולד') איבערגיסען אין א נייער פארם, איבערמאכען; צו־געבען א נייע געשטאלט.

remol'lient *a.* (רי-מאל'-אי-ענט) וואס מאכט ווייכער ווייך.

remol'ten *a.* (רי-מאול'-טן) ווידער איבערגעשמאלצען.

remonetiza'tion *n.* (רי-מאנ-ע-טי-זיי'-שאן) דאס ווידער איינפיהרען אלס געזעצליכעס געלד.

remon'etize *v.* (רי-מאנ'-ע-טאיז) ווידער איינפיהרען אלס געזעצליכעס געלד.

remon'strance *n.* (רי-מאנ'-סטרענס) דאס טענה'ן אדער ארגומענטירען געגען עפעס; דאס מוסר'ען, דאס אויסשטראפען איינעם; דאס ווארנען; א דורכזיכטיגע כלי צו האלטען פערהייליגטע זאכען אין א קאטוילישער קירך.

remon'strant *a. and n.* (רי-מאנ'-סטרענט) וואס האט ליעב צו מוסר'ען, וואס מוסר'ט אדער טענה'ט שטארק גע־גען עפעס; א מוסר־זאגער, איינער וואס שטראפט יענעם.

remon'strantly *adv.* (רי-מאנ'-סטרענט-לי) שארף ארויסטרעטענדיג מיט טענות געגען עפעס; מוסר'ענדיג; דורך שטראף־רייד.

remon'strate *v.* (רי-מאנ'-סטרייט) 1. ווארנען; מוסר'ען, אויסשטראפען; 2. ארגומענטירען, טענ'ען געגען עפעס; פראטעסטירען; בעווייזען; 3. נאך אמאל צייגען.
2. The meeting was called to **remonstrate** against the action of the Mayor.

remonstra'tion *n.* (רי-מאנ-סטריי'-שאן) דאס שטראפען, דאס אויסרעדען; דאס ערווידערען, דאס טענה'ען געגען.

remon'strative *a.* (רי-מאנ'-סטרע-טיוו) וואס האט ליעב צו מוסר'ען, וואס מוסר'ט אדער טענה'ט שטארק געגען עפעס.

remon'stratively *adv.* (רי-מאנ'-סטרע-טיוו-לי) ז. *remonstrantly*

remon'strator *n.* (רי-מאנ'-סטריי-טאר) איינער וואס טענה'ט געגען; א מוסר־זאגער; א ווארנער.

rem'ora *n.* (רעמ'-א-רא) — אין מעריציען: א פערהאלטונג [פון בלוט א. ד. ג.]; דער שיפסהאלטער אדער דער שילד־פיש [א מין פיש, וואס האט אויף'ן קאפ אן אנוואקסונג, מיט וועלכער ער קלעפט זיך צו צו א שיף, צו אן אנדער פיש א. ד. ג.].



Remora

remorse' *n.* (רי-מאהרס') חרטה, געווי־סענסביס.

remorse'ful *a.* (רי-מאהרס'-פול) פול געוויסענסביסע, וואס האט געוויסענסביסע.

remorse'fully *adv.* (רי-מאהרס'-פול-אי) מיט חרטה; דורך געוויסענסביסע.

remorse'fulness *n.* (רי-מאהרס'-פול-נעס) דאס האבען חרטה אדער געוויסענס־ביסע.

remorse'less *a.* (רי-מאהרס'-לעס) אונ'רחמנות'דיג, אכזריות'דיג; גרויזאם.

remorse'lessly *adv.* (רי-מאהרס'-לעס-לי) אונ'רחמנות'דיג; אויף א גרויזאמען שטייגער.

remorse'lessness *n.* (רי-מאהרס'-לעס-נעס) אונ'רחמנות'דיגקייט, אונבארמ־הערציגקייט, גרויזאמקייט.

remote' *a.* (רי-מאוט') 1. וויט, ענט־פערנט, דערווייטערט; 2. פערוואָרפען, אבגעזונדערט; 3. וואס שטעהט אב וויט, [אין צייט, אין פערוואנדשאפט א. ז. וו.].
1. His election is a **remote** possibility. 2. Our house is situated in a **remote** part of the village. 3. He is only a **remote** relative of mine.

remote' antiq'uity (רי-מאוט' ענ־טיק'-הווי-טי) דאס גרויע אלטערטום.

remote' fu'ture (רי-מאוט' פיו'-טשור) די ווייטע צוקונפט.

remote' kins'man (רי-מאוט' קינז'-מען) א ווייטער קרוב.

remote'ly *adv.* (רי-מאוט'-לי) אויף א דערווייטערטען שטייגער.

remote'ness *n.* (רי-מאוט-נעס) די ווייטקייט [פון צייט, ארט, קרובה'שאפט א. ז. וו.].

remo'tion *n.* (רי-מאו'-שאן) דאס דער־ווייטערען, דאס זיין דערווייטערט.

remould' *v.* (רי-מאולד') ז. *remold*

remount' *v. and n.* (רי-מאונט') וויע־דער זעצען זיך אויף'ן פערד; זיך וויע־דער אויפהייבען אדער שטייגען; צוריק־קעהרען זיך; ווידער מאנטירען אדער צוזאמענשטעלען [א מאשין]; אין מילי־טער — די רעמאנטע, דאס צושטעלען נייע פערד אין קאוואלעריע.

removabil'ity *n.* (רי-מוה-ווע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אריבערגעפיהרט ווע־

רען, בעזייטיגט ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער אראבגעזעצט ווערען פון אמט.

remo'vable *a.* (רי-מוה'-וועבל) וואס מען קען אריבערפיהרען פון איין פלאץ צו א צווייטען, פון איין אמט אדער ראנג צו אן אנדערען; וואס מען קען בעזייטיגען, אבשאפען אדער אראבזעצען פון אמט.

remo'vably *adv.* (רי-מוה'-ווע-בלי) אזוי, דאס מען קען עס אריבערפיהרען.

remo'val *n.* (רי-מוה'-וועל) 1. דאס אריבערקלייבען זיך, דאס איבערציהען [פון א וואהנונג]; 2. דאס צונעהמען פון פלאץ; 3. דאס אבשאפען; 4. דאס אראבווארפען פון אמט.

1. Notice of my friend's **removal** to Boston reached me the other day. 4. Civil Service employees are protected against **removal** from office for political reasons.

remove' *v. and n.* (רי-מוהוו') 1. ריהרען פון ארט, איבערפיהרען, איבערטראגען; 2. אראבווארפען פון אמט אדער פאסטען; 3. מאכען א סוף, פערטרייבען; 4. פטר'ן, צונעהמען פון דער וועלט; איבערקלייבען זיך, איבערציהען [אין אן אנדער דירה]; דאס איבערקלייבען זיך, דאס ציהען [אין א נייער דירה], דאס אוועקפאהרען; דאס איבערפיהרען אין אן אנדער אמט; דאס אריבערפיהרען אין א העכערען קלאס [אין שול]; דאס איבערטראגען, דאס אריבערפיהרען.

1. Please **remove** the chairs from this room. 2. The Police Commissioner was **removed** by the Mayor. 3. The dictator **removed** his opponents by devious methods.

removed' *a.* (רי-מוהווד') דערווייטערט; אבגעטיילט.

remo'vedness *n.* (רי-מוה'-וועד-נעס) דאס זיין דערווייטערט; דאס זיין אבגעזונדערט.

remove' one's eyes (רי-מוהוו' הוואנז איז) אבקעהרען, אבווענדען דעם בליק פון עפעס.

remo'ver *n.* (רי-מוה'-וועד) איינער וואס פיהרט איבער פון איין פלאץ צו אן אנדערען; איינער וואס מאכט א סוף, צושטערט; איינער וואס ווארפט אראב [פון אמט]; איינער וואס פיהרט אריבער אין אן אנדער וואהנונג; אין געריכטס-פיהרונג — דאס ארויסנעהמען א פראצעס פון איין געריכט און איבערגעבען איהם צו אן אנדערען.

remplissage' *n.* (ראנ-פלי-סאזש') דאס וואס דיענט אנצופילען א ליידיגען פלאץ [ווי אן ארטיקעל וואס דרוקט זיך אין א צייטונג, ווייל עס איז ניטא קיין וויכטיגערע זאך צום דרוקען].

remunerabil'ity *n.* (רי-מיו-נע-רע-ביל'-אי-טי) דאס קענען בעלוינט ווערען.

remu'nerable *a.* (רי-מיו'-נע-רעבל) וואס קען בעלוינט ווערען; וואס איז ווערטה בעלוינט צו ווערען.

remu'nerate *v.* (רי-מיו'-נע-רייט) בעצאהלען, בעלוינען.

remunera'tion *n.* (רי-מיו-נע-ריי'-שאן) דאס בעלוינען, דאס בעצאהלען פאר א טובה; א בעלוינונג.

remu'nerative *a.* (רי-מיו'-נע-ריי-טיוו) וואס בעצאהלט זיך גוט, וואס לוינט זיך.

His present position is a very **remunerative** one.

remu'neratively *adv.* (רי-מיו'-נע-ריי-טיוו-לי) אויף אן אופן וואס לוינט זיך, וואס בעצאהלט זיך גוט.

remu'neratory *a.* (רי-מיו'-נע-ריי-טא-רי) וואס דיענט אלס בעלוינונג.

ren *n.* (רען) א ניער. ז. *kidney*

renaissance' *n.* (רי-ניי-סאנס') א ווידער-געבורט, דאס ווידער-אויפלעבען פון עפעס.

Renaissance' *n. and a.* (רי-ניי-סאנס') די רענעסאנס, די עפאכע אין דער געשיכטע פון די אייראפעאישע פעלקער צום ענדע פון מיטעלאלטער און אנהויב פון דער נייער צייט [אונגעפעהר פון ענדע דעם 14טען יאהרהונדערט ביז'ן אנפאנג פון 17טען], וועלכע כאראקטעריזירט זיך מיט דער ווידער-אויפלעבונג פון דער קלאסישער ליטעראטור און קונסט; וואס איז שייך צו דער רענעסאנס, אין סטיל פון רענעסאנס.

Renaissance' ar'chitecture (רי-ניי-סאנס' אר'-קי-טעק-טשור) די רענעסאנס-ארכיטעקטור [א סטיל פון ארכיטעקטור און ארנאמענטען, וועלכער האט געהערשט אין אייראפא אין דער רענעסאנס עפאכע (אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט) און איז געווען געגרינדעט אויף די כללים פון דער קלאסישער (אלט-רוימישער) בוי קונסט].



Renaissance Architecture

Renaissance' paint'ing (רי-ניי-סאנס' פיינט'-אינג) די מאלעריי פון דער רענעסאנס-עפאכע [די איטאליענישע מאלעריי פון 15טען און 16טען יאהרהונדערט, וועלכע כאראקטעריזירט זיך מיט די קונסט-ווערק פון מיקעל אנזשעלא, לעאנארדא-דא-ווינטשי, ראפאעל, טיציאן א. ז. וו.].

re'nal *a.* (רי'-נעל) וואס פון די ניערען, געהערט צו די ניערען.

re'nal ar'tery (רי'-נעל אר'-טע-רי) די ארטעריע אדער שלאנ-אדער, וואס פערצווייגט זיך אין די ניערען. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

rename' *v.* (רי-ניים') געבען אן אנדער נאמען; נאך אמאל אנרופען ביים נאמען.

ren'ard *n.* (רענ'-ארד) ז. *reynard*

renas'cence *n.* (רי-נעס'-ענס) די ווידער-געבורט.

Renas'cence *n.* (רי-נעס'-ענס) ז. *Renaissance*

renas'cency *n.* (רי-נעס'-ענ-סי) ז. *renascence*

renas'cent *a.* (רי-נעס'-ענט) וואס לעבט ווידער אויף; וואס ווערט ווידער געבארען; וואס וואקסט ווידער אויף.

renas'cible *a.* (רי-נעס'-איבל) וואס קען ווידער אויפלעבען, וואס קען ווידער געבארען ווערען.

rencoun'ter *v. and n.* (רענ-קאונ'-טער) זיך בעגעגנען, זיך צוזאמענשטויסען; אנגרייפען; זיך שלאגען, זיך פעכטען; א בעגעגניש, א צוזאמענשטויס; א געשלעג, א געפעכט.

rend *v.* (רענד) רייסען, צורייסען; צוהאקען, צושפאלטען; פערצוקען; אברייסען, ארויסרייסען; זיך רייסען, זיך שפאלטען, פלאצען.

rend away' (רענד ע-הוויי') אברייסען, ארויסרייסען.

ren'der *v. and n.* (רענ'-דער) אבצאהלען, משלם זיין [פאר א טובה אדער רעה]; צוריקגעבען, אבגעבען; אבטרעטען; געבען, לייסטען, דערלאנגען [שטיצע, א טובה א. ד. ג.]; מאכען עפעס, ווירקען אז עפעס זאל ווערען; איבערזעצען; איבערגעבען איינעמס געדאנקען; פארשטעלען איינעמס כאראקטער; שפיעלען א ראלע אין א דראמא; לייטערען אדער ריין מאכען עפעס; שטוקאטורעווען א געמויערטע וואנד; דורכשלעפען דורך א לאך [א שטריק]; א בעצאהלונג; די ליים אדער וואפנע צו שטוקאטורעווען ווענד; א צורייסער, א צופליקער, א פערצוקער.

ren'derable *a.* (רענ'-דער-עבל) וואס קען צוריקגענעבען ווערען; צום איבערזעצען; וואס קען פארגעשטעלט אדער רעפראדוצירט ווערען.

ren'der a ser'vice (רענ'-דער ע סויר'-ווים) טהאן א טובה.

ren'der back (רענ'-דער בעק) צוריקגעבען; ענטפערען.

ren'der dam'ages (רענ'-דער דעמ'-ע-דזשען) צאהלען פאר'ן שאדען; אומקעהרען דעם היזק.

ren'derer *n.* (רענ'-דער-ער) דער וואס גיט אב; דער וואס בעצאהלט.

ren'dering *n.* (רענ'-דער-אינג) דאס איבערזעצען, די איבערזעצונג; דאס פערטייטשען, דאס פארשטעלען, דאס רעפראדוצירען [א פארם, א געשטאלט, א ראלע].

ren'dering of thanks (רענ'-דער-אינג אוו טהענקס) דאס דאנקען.

ren'der in'to (רענ'-דער אינ'-טו) איבערזעצען.

The poem is **rendered into** German.

ren'dezvous *n. and v.* (רענ'-דע-וואו) א ראנדעוואו, צוזאמענקונפט; א זאמעלפלאץ [בעזאנדערס פאר שיפען און סאלדאטען]; פערזאמלען [מענשען, סאלדאטען, שיפען] אין א בעשטימטען פלאץ; פערזאמלען זיך, צוזאמענקומען זיך אין א בעשטימטען פלאץ.

rend in'to (רענד אינ'-טו) צורייסען אויף שטיקלעך.

rendi'tion *n.* (רענ-דיש'-אן) דאס איבערזעצען; דאס ערקלערען דעם זין פון אווארט אדער שטעלע; די איבערזעצונג; דאס אבגעבען, דאס אבטרעטען.

ren'egade *n.* (רענ'-אי-גייד) א רענעגאט, אן אבטריניגער, א משומד, איינער וואס פערלאזט זיין גלויבען אדער נאציאן; איינער וואס געהט איבער צום שונא.

renega'do *n.* (רענ-אי-גיי'-דאו) ז. *renegade*

ren'egate *a.* (רענ'-ע-גייט) אבטריניגעריש, ווי א רענעגאט; פעררעטעריש, פאלש.

renerve' *v.* (רי-נוירוו') קרעפטיגען, צוגעבען נייע כחות.

renew' *v.* (רי-ניו') בענייען, ווידער

אויפבויען, ווידער איינפיהרען [אבגעשטארבענע מנהגים]; יונג מאכען, אויפלעבען [דאס פערשוואונדענע]; ווידער אנהויבען; איבער'חזר'ען; ווידער מאכען; זיך בענייען.

renewabil'ity *n.* (רי-ניו-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען בענייט ווערען.

renew'able *a.* (רי-ניו'-עבל) וואס קען בענייט ווערען.

renew'al *n.* (רי-ניו'-על) דאס בענייען, די בענייאונג.

Renew'al Sun'day (רי-ניו'-על סאנ'-דיי) דער צווייטער זונטאג נאך דעם קריסטליכען פסח.

renewed' *a.* (רי-ניוד') בענייט.

renew'edly *adv.* (רי-ניו'-עד-לי) ווידער אמאל, נאך אמאל.

renew'edness *n.* (רי-ניו'-עד-נעס) די בענייאונג.

renew'er *n.* (רי-ניו'-ער) א בענייער.

renew'ing *n.* (רי-ניו'-אינג) דאס בענייען.

renidifica'tion *n.* (רי-ניד-אי-פי-קיי'-שאן) דאס בויען א נייע נעסט.

renid'ify *v.* (רי-ניד'-אי-פאי) בויען א נייע נעסט.

ren'iform *a.* (רענ'-אי-פארם) ניערענפערמיג, וואס האט די פארם פון א ניער.

ren'iform leaf (רענ'-אי-פארם ליעף) א ניערען=פערמיג בלאט.

Reniform Leaf

ren'itence *n.* (רענ'-אי-טענס) א ווידערשטאנד, א געגענווירקונג, א געגענדרוק; ווידערשפעניגקייט.

ren'itency *n.* (רענ'-אי-טענ-סי) ז. *renitence*

ren'itent *a.* (רענ'-אי-טענט) ווידערשפעניג, וואס בעווייזט א ווידערשטאנד; וואס ווירקט דאגעגען.

ren'net *n.* (רענ'-עט) א קעז=מאגען [א מאגען פון א קעלבעלע וואס ווערט בענוצט צו מאכען קעז]; עטוואס וואס מאכט זייערען מילך; דער ראנעט [אזא עפעל].

ren'neting *n.* (רענ'-עט-אינג) דער ראנעט [א זארט עפעל].

renom'inate *v.* (רי-נאמ'-אי-נייט) נאמינירען א צווייטען מאל; ווידער בעשטימען איינעם אלס קאנדידאט.

renomina'tion *n.* (רי-נאמ-אי-ניי'-שאן) דאס ווידער נאמינירען, דאס ווידער בעשטימען איינעם אלס קאנדידאט צו א געוויסען אמט.

renounce' *v. and n.* (רי-נאונס') אבלייקענען; זיך אבזאגען; ניט אנערקענען; אין קארטען=שפיעל — מאכען א רענאנס [געהן ניט מיט דער מאסט פון דער ערשטער האנד]; א רענאנס [דאס שפיעלען מיט א קארט פון אן אנדער מאסט ווי עס פאדערט זיך].

renounce'ment *n.* (רי-נאונס'-מענט) דאס אבזאגען זיך, דאס ניט אנערקענען; אבלייקענונג.

renoun'cer *n.* (רי-נאונ'-סער) וואס זאגט זיך אב, לייקענט אב אדער אנערקענט ניט.

renounce' the world (רי-נאונס' טהי הווארלד) זיך אבזאגען פון דער וועלט, זיך צוריקציהען פון דער וועלט.

ren'ovate *v.* (רענ'-א-ווייט) בענייען, מאכען ווי ניי; רעסטאורירען אדער ווידערשטעלען [אן אלטע געביידע]; אבפרישען אדער בענייען די קראפט אדער ווירקונג פון עפעס.

ren'ovater *n.* (רענ'-א-ווי-טער) ז. *renovator*

renova'tion *n.* (רענ-א-וויי'-שאן) בענייאונג, אבפרישונג, רעסטאורירונג; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — אויפלעבונג אונטער דער השפעה פון הייליגען גייסט [וועגען איינעם וואס טהוט תשובה].

renova'tionist *n.* (רענ-א-וויי'-שאנ-איסט) איינער וואס גלויבט אין דער אויסבעסערונג פון דער וועלט ניט דורך נאטירליכער ענטוויקלונג אדער מענשליכען איינפלוס, נאר דורך דער אויפלעבונג פון דעם מענשליכען גייסט אונטער דער געטליכער השפעה.

ren'ovator *n.* (רענ'-א-ווי-טאר) איינער וואס בענייט, רעסטאורירט, לעבט אויף אדער פרישט אב.
Sleep is the **renovator** of strength.

renown' *n. and v.* (רי-נאון') בעריהמטקייט; בעריהמט מאכען; זיך בעריהמען, זיך אויסשטעלען.

renowned' *a.* (רי-נאונד') בעריהמט.

renow'nedly *adv.* (רי-נאו'-נעד-לי) מיט בעריהמטקייט; אויף אן אופן, וואס פיהרט צו בעריהמטקייט.

renow'ner *n.* (רי.נאו'-נער) א בעריהמער; איינער וואס שטעלט זיך אויס.

rensselaer'ite *n.* (רענ-סע-לייר'-איט) א מין מאסיווער טאלק אדער שפעקשטיין [פון וועלכען מען מאכט פערשיעדענע זאכען, ווי טינטערס, לייכטער א. ד. ג.].

rent *n. and v.* (רענט) א ריס, א שפאלט, א ברוך; א שפאלטונג; רענטע, איינקונפט; צינז; ארענדע=געלד, פאכט=געלד, דירה=געלד; דאס רעכט אויף ארענדע=געלד אדער וועלכע ניט איז בעלוינונג פאר דער ערלויבניס זיך צו בענוצען מיט אייגענטום; פערדינגען, אבגעבען אין ארענדע, פערפאכטען; דינגען, נעהמען אין ארענדע; פערדונגען ווערען, אבגעגעבען ווערען אין ארענדע; צוריסען [ז. *rend*].

rent'able *a.* (רענט'-עבל) וואס קען פערדונגען ווערען אדער אבגעגעבען ווערען אין ארענדע.

rent'al *n.* (רענט'-על) אן ארענדע=בוך, א צינז=בוך [וואו עס ווערען פערשריבען אלע הכנסות און פאדאטקעס, וואס עס קומען דעם פריץ, דעם אייגענטימער פון'ם גוט פון זיינע פויערען אדער ארענדאטארען]; די הכנסה פון א גוט [ניט רעכענענדיג די הוצאות].

rent'-arrear' *n.* (רענט'-ע-ריער') ניט בעצאהלטעס אדער הינטערשטעליגעס דירה=געלד אדער ארענדע=געלד.

rent'-charge *n.* (רענט'-טשארדזש) ערבצינז, אן אבצאהלונג פון לאנד, וואס ווערט איינעם אוועקגעגעבען אלס אייגענטום בלויז פאר ארענדע=געלד [דער ארענדאטאר רעכענט זיך פאר'ן אייגענטימער פון דעם לאנד, מען קען אבער לעגען אן ארעסט אויף'ן לאנד, אויב ער צאהלט ניט דאס ארענדע=געלד].

rent'-day *n.* (רענט'-דיי) דער צינז=טאג, דער ארענדע=טאג.

rent'er *n. and v.* (רענט'-ער) א שכן, איינער וואס דינגט א הויז; א פאכטער; אן ארענדאטאר; איינער וואס פערדינגט אדער גיט אוועק אין ארענדע; פערריכטען, בענייען די מוסטערען פון טאפעטען [אביטשעס, שפאליר]; פערנעהען אזוי, אז מען זאל עס קוים בעמערקען.

rent'erer *n.* (רענט'-ער-ער) איינער וואס קען צונויפנעהען אדער צונויפשטוקעווען אזוי מען זאל עס ניט בעמערקען.

rent'er-war'den *n.* (רענט'-ער-הוואר'דן) דער רענט=מייסטער [אן אנגעשטעלטער פון א קאמפאניע וואס האט די אויפזיכט איבער די ארענדע=איינצאהלונגען].

rent'-free *a. and adv.* (רענט'-פריע) וואס האט ניט אויף זיך קיין ארענדע; אהן ארענדע=געלד, אהן געצאהלט.

rentier' *n.* (ראנ-טיעי') א ראנטיער [איינער וואס לעבט פון בעשטימטע הכנסות פון לאנד, אקציעס א. ז. וו.].

rent'-roll *n.* (רענט'-ראול) ז. *rental*

rent'-seck *n.* (רענט'-סעק) ז. *rent-service*

rent'-ser'vice *n.* (רענט'-סויר'-וויס) דאס רעכט אויף ארענדע=געלד אדער אויף אן אנדער בעלוינונג פאר דער ערלויבנים זיך צו בענוצען מיט אייגענטום.

ren'uent *a.* (רענ'-יו-ענט) אין אנאטאמיע — וואס ווארפט צוריק דעם קאפ [הויפטזעכליך וועגען די מוסקולען, וועלכע האבען אזא ווירקונג].

renum'ber *v.* (רי-נאמ'-בער) ווידער צעהלען; איבערנומערירען, געבען א נייעם נומער [ווי למשל, א הויז].

renu'merate *v.* (רי-ניו'-מע-רייט) ווידער צעהלען; פון דאס ניי איבעררעכענען; איבערנומערירען.

renuncia'tion *n.* (רי-נאנ-שי-איי'-שאן) ז. *renouncement*

renun'ciatory *a.* (רי-נאנ'-שי-איי-טא-רי) זיך אבזאגענד, אבלייקענענד, ניט אנערקענענד.

renverse' *a.* (רענ-ווארס') איבערגעקעהרט, מיט'ן קאפ אראב [וועגען פיגורען אויף הערבען].

reobtain' *v.* (רי-אב-טיין') ווידער בעקומען, ווידער קריעגען אדער דערגרייכען.

reobtain'able *a.* (רי-אב-טיינ'-עבל) וואס מען קען נאך אמאל קריעגען, בעקומען אדער דערגרייכען.

reoc'cupy *v.* (רי-אק'-יו-פאי) ווידער פערנעהמען, ווידער נעהמען אין בעזיץ.

reo'pen *v.* (רי-או'פן) ווידער עפנען, ווידער אנהויבען; זיך עפנען פון דאס ניי.

reoppose' *v.* (רי-א-פאוז') ווידער ארויסטרעטען נעגען עפעס אדער אימעצען.

reordain' *v.* (רי-אהר-דיין') ווידער פעראָרדנען, בעשטימען אדער אנשטעלען.

reor'der *v.* (רי-אהר'-דער) ווידער איינריכטען אדער ברייננען אין ארדנונג; ווידער בעפעהלען; ווידער בעשטעלען.

reordina'tion *n.* (רי-אהר-די-ניי'-שאן) א ווידער=בעשטימונג; א ווידער=איינווייהונג פון א גייסטליכען אין אן אמט; א ווידער=איינריכטונג; א בענייטער בעפעהל; דאס ווידער איינארדנען אדער איינשטעלען אין רייהען.

reorganisa'tion *n.* (רי-אהר-גענ-אי-זיי'-שאן) ז. *reorganization*

reor'ganise *v.* (רי-אהר'-גענ-איז) ז. *reorganize*

reorganiza'tion *n.* (רי-אהר-גענ-אי-זיי'-שאן) א רעארגאניזירונג, א רעארגאניזאציאן, א ווידער=איינריכטונג, דאס ארגאניזירען פון דאס ניי.

reor'ganize *v.* (רי-אהר'-גענ-איז) ארגאניזירען פון דאס ניי; רעארגאניזירען; ווידער איינריכטען.

rep *n.* (רעפ) ריפס [א מין זיידען אדער וואלען צייג]; עהרען=ווארט; רעפוטאציע.

Rep. אבקירצונג פון *Republican* אדער פון *Representative*

repace′ *v.* (רי-פייס′) איבערשרייטען, איבערגעהן נאך אמאל; צוריק איבערגעהן.

repac′ify *v.* (רי-פעס′-אי-פאי) ווידער בערוהיגען, ווידער איינשטילען, ווידער מאכען פריעדליך.

repack′ *v.* (רי-פעק′) ווידער איינפאקען, איבערפאקען.

repack′er *n.* (רי-פעק′-ער) איינער וואס פאקט איבער אדער פאקט צום צווייטען מאל.

repair′ *v. and n.* (רי-פעהר′) 1. פערריכטען, אויסבעסערען, רעפארירען, רעמאנטירען, רעסטאורירען; 2. גוט מאכען, פערגיטיגען; 3. געהן [צו א בעשטימטען פלאץ]; זיך בעגעבען, זיך ווענדען [צו א פלאץ]; 4. פערריכטונג, רעפארירונג, רעמאנטירונג, רעסטאורירונג; גוט־מאכונג, פערגיטיגונג; 5. א גוטער צושטאנד [בנוגע צו רעמאנט]; א צושטאנד [גוטער אדער שלעכטער] בנוגע צו רעמאנט; 6. דאס בעגעבען זיך, ווענדונג [צו א פלאץ]; אן אויפהאלטונגס־פלאץ, א פלאץ צו וועלכען מען געהט אדער וואוהין מען ווענדעט זיך.
2. Some errors can be **repaired**. 3. They **repaired** to the restaurant for dinner. 5. The building is in good **repair**.

repair′able *a.* (רי-פעהר′-עבל) וואס קען פערריכט אדער רעמאנטירט ווערען; וואס קען גוט־געמאכט ווערען.

repair′er *n.* (רי-פעהר′-ער) איינער וואס פערריכט, בעסערט אוים אדער מאכט ווידער גוט.

repair′ment *n.* (רי-פעהר′-מענט) פערריכטונג, רעמאנטירונג, רעסטאורירונג; גוט־מאכונג, פערגיטיגונג.

repairs′ *n.* (רי-פעהרז′) 1. רעמאנט; רעפארירונג, פערריכטונג; 2. די קאסט פון רעמאנט.
1. The house is very much in need of **repairs**.

repair′-shop *n.* (רי-פעהר′-שאפ) א רעמאנט־ווערקשטאט [א ווערקשטאט, וואו מען פערריכט פערשיעדענע זאכען, ווי למשל, א ווערקשטאט וואו מען מאכט רעמאנטען פאר אייזענבאהנען].

repand′ *a.* (רי-פענד′) וועלען־עהנליך, עהנליך צו כוואליעס [ווענען פלאנצען־בלעטער אדער ווענען די ברעגעס פון פלאנצען־בלעטער].

repandoden′tate *a.* (רי-פענ-דאו-דענ′-טייט) וועלען־ארטיג און געצאקט [ווענען פלאנצען־בלעטער].


Repand Leaf

repan′dous *a.* (רי-פענ′-דאס) געבויגען ארויף־צו; קאנוועקס געקרימט.

repa′per *v.* (רי-פיי′-פער) פון דאס ניי טאפעצירען, פון דאס ניי אויסקלעפען מיט טאפעטען [אביטשעס, שפאליער].

reparabil′ity *n.* (רעפ-ע-רע-ביל′-אי-טי) דאס קענען פערריכט ווערען, רעפארירט ווערען אדער רעמאנטירט ווערען; דאס קענען גוט־געמאכט ווערען.

rep′arable *a.* (רעפ′-ע-רעבל) ז. *repairable*.

rep′arably *adv.* (רעפ′-ע-רע-בלי) אזוי אז עס זאל קענען פערריכט ווערען אדער גוט־געמאכט ווערען.

repara′tion *n.* (רעפ-ע-ריי′-שאן) גוט־מאכונג, בעניטיגונג [פאר א שאדען, בעליידיגונג א. ז. וו.]; פערריכטונג, רעמאנטירונג, רעסטאורירונג.

repar′ative *a. and n.* (רי-פער′-ע-טיוו) וואס בעסערט אוים, וואס מאכט גוט, גוט־מאכענד, וואס בעפריעדיגט פאר א שאדען; עטוואס וואס פערריכט; עטוואס וואס מאכט גוט אדער בעניטיגט [פאר א שאדען].

repart′ *v.* (רי-פארט′) פאנאנדערטיילען.

repartee′ *n.* (רעפ-אר-טיע′) 1. א שנעלער וויציגער ענטפער; 2. שלאגפערטיגקייט [פעהיגקייט צו געבען שנעלע און וויציגע ענטפערס]; ענטפערען שנעל און וויציג.
2. As a wit he is at his best in **repartee**.

repartimien′to *n.* (רע-פאר-טי-מיענ′-טאו) א טייל, אן אבטיילונג; א חלק; אין די שפאניש־אמעריקאנישע לענדער — רעפארטימיענטא [די פאנאנדערטיילונג פון דעם לאנד צוזאמען מיט די איינוואהנער צווישען די ערשטע שפאנישע ענטדעקער און עראבערער].

reparti′tion *n.* (רי-פאר-טיש′-אן) א נייע פערטיילונג, א ווידער־איינטיילונג.

repass′ *v.* (רי-פעס′) נאך אמאל איבערגעהן אדער איבערפאהרען; צוריקקומען, צוריקפאהרען; ווידער פאסירען; געהן צוריק, זיך בעוועגען צוריק.

repas′sage *n.* (רי-פעס′-עדזש) דאס צוריקקומען, דאס צוריקפאהרען; דאס ווידער איבערגעהן אדער איבערפאהרען; א צוריקגאנג.

repast′ *n. and v.* (רי-פעסט′) א מאהלצייט; שפייז; קארמענען, שפייזען אימעצען; עסען, שפייזען.

repa′triate *v.* (רי-פיי′-טרי-אייט) אומקעהרען צום פאטערלאנד.

repatria′tion *n.* (רי-פיי-טרי-איי′-שאן) די אומקעהרונג צום פאטערלאנד.

repay′ *v.* (רי-פיי′) צוריקצאהלען; אבצאהלען; בעלוינען [מיט גוטס אדער שלעכטס].

repay′able *a.* (רי-פיי′-עבל) וואס קען אדער מוז צוריקגעצאהלט ווערען.
The loan is **repayable** at the end of sixty days.

repay′ment *n.* (רי-פיי′-מענט) צוריקצאהלונג; דאס צוריקגעצאהלטע.

repeal′ *v. and n.* (רי-פיעל′) צוריקרופען, מבטל זיין, אבשאפען [א געזעץ, אן אורטייל, א בעלויגונג א. ז. וו.]; דאס מבטל זיין, צוריקרופונג, אבשאפונג [פון א געזעץ, אורטייל א. ז. וו.].

repealabil′ity *n.* (רי-פיעל-ע-ביל′-אי-טי) דאס קענען צוריקגערופען ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער בטל געמאכט ווערען [וועגען געזעצע, אורטיילע, בעוויליגונגען א. ז. וו.].

repeal′able *a.* (רי-פיעל′-עבל) וואס מען קען מבטל זיין; וואס קען אבגעשאפט ווערען אדער צוריקגערופען ווערען [וועגען א געזעץ, אורטייל א. ז. וו.].
Certain provisions of the American Constitution are not **repealable**.

repeal′ableness *n.* (רי-פיעל′-עבל-נעס) ז. *repealability*.

repeal′ agita′tion (רי-פיעל′ עדזש-אי-טיי′-שאן) די אמאליגע בעוועגונג אין ענגלאנד מבטל צו מאכען דעם פעראייניגונגס־אבמאך צווישען ענגלאנד און אירלאנד [פון יאהר 1801].

repeal′er *n.* (רי-פיעל′-ער) איינער וואס איז מבטל, שאפט אב אדער רופט צוריק [א געזעץ, אורטייל א. ז. וו.]; איינער וואס האט אגיטירט, אז דער פעראייניגונגס־אבמאך צווישען ענגלאנד און אירלאנד [פון יאהר 1801] זאל אבגעשאפט ווערען.

repeat′ *v. and n.* (רי-פיעט′) ווידערהאלען; איבער׳חזר׳ען; פארלעזען; דעקלאמירען; שווינדלעריש שטימען מעהר ווי איין מאל פאר דעמזעלבען קאנדידאט; מאכען א פערזוך צו שטימען מעהר ווי איין מאל; אויסקלינגען נאך אמאל [וועגען א זייגער, וואס קען צו יעדער צייט נאך אמאל און נאך אמאל אויסקלינגען די שטונדע, האלבע שטונדע אדער פיערטעל שטונדע, ווען מען דריקט אן א געוויסע פרוזשינע]; ווידערהאלונג; דאס ווידערהאלטע; א ווידערהאלטער טייל פון א מוזיקאלישען שטיק; א ווידערהאלונגס־צייכען [אין מוזיק — א צייכען, וואס צייגט, אז א געוויסער טייל דארף ווידערהאלט ווערען].

repeat′edly *adv.* (רי-פיעט′-עד-לי) ווידערהאלענד, מעהר ווי איין מאל, נאך אמאל און ווידער אמאל.

repeat′er *v.* (רי-פיעט′-ער) איינער וואס ווידערהאלט; איינער וואס חזר׳ט איבער; איינער וואס שטימט אדער מאכט א פערזוך אונגעזעצליך צו שטימען מעהר ווי איין מאל פאר דעמזעלבען קאנדידאט; איינער וואס לעזט פאר אדער דעקלאמירט; א רעפעטיר־זייגער [וואס קען צו יעדער צייט אויסקלינגען די שטונדע, ווען מען דריקט אן א געוויסע פרוזשינע]; א רעפעטיר־ביקס אדער רעפעטיר־רעוואלווער [וואס שיסט עטליכע מאל כסדר]; א שיף, וואס ווידערהאלט די סיגנאלען פון דער אדמיראל־שיף; א פיגור אין א מוסטער [אויף ציץ אדער קאטון], וואס ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג.

repeat′ing *n.* (רי-פיעט′-אינג) ווידערהאלונג; דאס שטימען אדער דער פערזוך צו שטימען אונגעזעצליך מעהר ווי איין מאל פאר דעמזעלבען קאנדידאט.

repeat′ing ship (רי-פיעט′-אינג שיפ) א שיף וואס ווידערהאלט די סיגנאלען פון דער אדמיראל־שיף.

repel′ *v.* (רי-פעל′) צוריקטרייבען, פעריאגען [א שונא]; אבשטויסען; צוריקשטויסען; אומווארפען אן ארגומענט; ארויסציינען א ווידערשטאנד; אין מעדיצין — אבווענדען די אנזאמלונג פון פליסיגקייט, פערמיידען א געשווילעכץ.

repel′lence *n.* (רי-פעל′-ענס) ז. *repellency*.

repel′lency *n.* (רי-פעל′-ענ-סי) אבשטויסונג, צוריקשטויסונג; א צוריקשטויסונגס־קראפט; וואסער־זיכערהייט; פעהיגקייט צו פערמיידען א געשווילעכץ.

repel′lent *a. and n.* (רי-פעל′-ענט) צוריקשטויסענד; אבשטויסענד, עקעלדיג; וואסער־זיכער [וואס לאזט נים דורך קיין וואסער]; א מעדיצינישער מיטעל געגען א געשווילעכץ; א וואסער־זיכערער שטאף [געוואנד אדער פאפיער].

repel′ler *n.* (רי-פעל′-ער) א צוריקשטויסער, איינער אדער עטוואס וואס שטויסט צוריק.

repent′ *v. and a.* (רי-פענט′) 1. חרטה האבען; 2. טהאן תשובה; 3. קריכענד [וועגען פלאנצען און טהיערע].
1. Marry in haste, **repent** at leisure. 2. The child **repents** of his disobedience.

repent′ance *n.* (רי-פענט′-ענס) חרטה; תשובה.

repent′ant *a. and n.* (רי-פענט′-ענט) וואס האט חרטה; וואס טהוט תשובה; א בעל תשובה.

repent′antly *adv.* (רי-פענט′-ענט-לי) מיט חרטה, מיט תשובה.

repent′er *n.* (רי-פענט′-ער) איינער וואס האט חרטה, א בעל תשובה.

repent'ingly *adv.* (רי-פענט'-אינג-לי) מיט חרטה, מיט תשובה.

repent'less *a.* (רי-פענט'-לעס) וואס האט קיין חרטה ניט, וואס טהוט קיין תשובה ניט.

repeo'ple *v.* (רי-פיע'פל) ווידער בעפעלקערן.

reper'cept *n.* (רי-פויר'-סעפט) א וויעדערהאלטע וואהרנעהמונג.

repercep'tion *n.* (רי-פער-סעפ'-שאן) דאס ווידער בעגרייפען, א וויעדערהאלטע וואהרנעהמונג.

repercuss' *v.* (רי-פער-קאס') צוריקווארפען, צוריקשטויסען, צוריקטרייבען.

repercus'sion *n.* (רי-פער-קאש'-אן) דאס צוריקשטויסען, דאס צוריקטרייבען; דאס צוריקשפרינגען; אין מוזיק — די דאמינאנטע, דער טאן וואס ווערט אפטער ווידערהאלט.

repercus'sion of sound (רי-פער-קאש'-אן אוו סאונד) אן עכא, א ווידערקול.

repercus'sive *a. and n.* (רי-פער-קאס'-איוו) צוריקווארפענד, צוריקשטויסענד; צוריקגעווארפען; א מעדיצינישער מיטעל געגען א געשווילעכץ.

repertoire' *n.* (רעפ-ער-טואר') רעפערטואר, א ליסטע פון טעאטראלישע פיעסען, וואס א געוויסע טרופע האט איינגעשטודירט און איז בערייט צו שפיעלען אין פערלויף פון סעזאן; א זאמלונג פון פיעסען.

reperto'rium *n.* (רעפ-ער-טאו'-רי-אם) ז. ***repertory***.

rep'ertory *n.* (רעפ'-ער-טא-רי) אן אוצר, א שאצקאמער, א קאלעקציע, א שפייכלער; א רייסטער, א קאטאלאג, אן אינווענטאר-צעטעל, אן אינדעקס, א תוכן הענינים; א טעאטער-רעפערטואר.

reperu'sal *n.* (רי-פי-רוה'-זעל) דאס דורכקוקען אדער איבערלעזען עפעס נאך אמאל.

reperuse' *v.* (רי-פי-רוהז') ווידער איבערקוקען; נאך אמאל איבערלעזען.

rep'etend *n.* (רעפ'-אי-טענד) אין אריפמעטיק — די פעריאדע אין א דעצימאל ברוך-צאהל [דער ציפער אדער די ציפערען, וועלכע חזר'ען זיך איבער אונאויפהערליך אין אזא צאהל, ווי למשל, די צאהל ...0,29292929].

repetent' *n.* (רעפ-אי-טענט') א רעפעטיטאר, א פריוואט-לעהרער.

repeti'tion *n.* (רעפ-אי-טיש'-אן) דאס איבער'חזר'ען, דאס ווידערהאלען; דאס זאגען אויסענווענדיג; א רעפעטיציע; דאס וואס ווערט ווידערהאלט.

repeti'tional *a.* (רעפ-אי-טיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א ווידערהאלונג אדער איבער'חזר'ונג.

repeti'tious *a.* (רעפ-אי-טיש'-אס) וואס חזר'ט זיך איבער; וואס האלט אין איין איבער'חזר'ען.

repeti'tiously *adv.* (רעפ-אי-טיש'-אס-לי) כסדר איבער'חזר'ענדיג; אויף א לאנגווייליגען ווידערהאלענדען אופן.

repet'itive *a.* (רי-פעט'-אי-טיוו) וואס חזר'ט איבער דאסזעלבע; וואס האט אין זיך ווידערהאלונגען.

repet'itor *n.* (רי-פעט'-אי-טאר) א רעפעטיטאר, א פריוואט-לעהרער וואס לערענט אויס שילער זייערע שוהל-אויפגאבען; א פריוואט-לעהרער אין אן אוניווערזיטעט.

repicque' *n. and v.* (רע-פיק') ז. ***repique***.

repine' *v.* (רי-פאין') זיין אונצופריעדען; ערגערען זיך; פערדרוס האבען; ווארטשען, בעקלאגען זיך.

repine' at (רי-פאין' עט) קלאגען זיך אויף עפעס; אין כעס זיין אויף עפעס, האבען פערדרוס.

He **repines** at his misfortunes and at our good luck.

repi'ner *n.* (רי-פאי'-נער) א "קלאגע-מוטער", א ווארטשון, אן אונצופרידענער, איינער וואס בעקלאגט זיך שטענדיג.

repi'ning *a.* (רי-פאי'-נינג) אונצופריעדען; קלאגענד, מורמלענד, ווארטשענד.

repi'ningly *adv.* (רי-פאי'-נינג-לי) אויף אן אונצופריעדענעם שטייגער; מיט טענות.

repique' *n. and v.* (רע-פיק') אין פיקעט-שפיעל — דאס געווינען 30 אדער מעהר אויגען פון די קארטען וואס מען האט אין האנד איידער מען האט נאך אנגעהויבען שפיעלען; האבען פון די קארטען אין האנד מעהר ווי 30 אויגען נאך איידער דאס שפיעל האט זיך אנגעפאנגען.

replace' *v.* (רי-פלייס') אוועקשטעלען אויף'ן פריהעריגען פלאץ; איבערשטעלען, שטעלען אויף אן אנדער פלאץ; פערנעהמען דעם פלאץ; צוריקצאהלען; פערבייטען איינעם אדער עפעס.

repla'ceable *a.* (רי-פליי'-סעבל) וואס קען איבערגעשטעלט ווערען אויף אן אנדער פלאץ; וואס קען אומגעביטען ווערען.

replace'ment *n.* (רי-פלייס'-מענט) דאס איבערשטעלען אויף אן אנדער פלאץ; דאס אומבייטען; דאס אוועקשטעלען אויף'ן פריהעריגען פלאץ.

repla'cer *n.* (רי-פליי'-סער) איינער וואס שטעלט עפעס איבער אויף דעם פריהערינגען אדער אויף אן אנדער פלאץ; איינער וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדערען.

repla'cing-switch *n.* (רי-פליי'-סינג-סהוויטש) א פארריכטונג אויף אן אייזענבאהן, דורך וועלכער א וואגאן אדער צוג וואס איז אראב פון די רעלסען, געהט ווידער ארויף אויף זיי.

replant' *v. and n.* (רי-פלענט') ווידער פלאנצען, איבערפלאנצען; דאס וואס איז איבערגעפלאנצט געווארען.

replan'table *a.* (רי-פלענ'-טעבל) וואס קען ווידער אמאל געפלאנצט ווערען.

replanta'tion *n.* (רי-פלענ-טיי'-שאן) דאס ווידער פלאנצען.

replead' *v.* (רי-פליעד') ווידער טענה'ן, ווידער בעווייזען, ווידער פערטיידיגען [אין געריכט]. ז. ***plead***.

repledge' *v.* (רי-פלעדזש') ווידער פערזעצען; ווידער פייערליך צוזאגען, ווידער טהאן א נדר.

repledg'er *n.* (רי-פלעדזש'-ער) איינער וואס פערזעצט עפעס נאך אמאל; איינער וואס זאגט צו פייערליך ווידער, איינער וואס טהוט ווידער א נדר.

replen'ish *v.* (רי-פלענ'-איש) צוריק-אנפילען.

The glasses were **replenished** with wine.

replen'ishment *n.* (רי-פלענ'-איש-מענט) דאס אנפילען; דאס וואס דערפרישט אדער מאכט פול.

replete' *a. and v.* (רי-פליט') פול, אנגעפילט; אנפילען.

reple'tion *n.* (רי-פלי'-שאן) פולקייט; איבערפולקייט; פול-בלוטינקייט.

reple'tive *a.* (רי-פלי'-טיוו) איבערפילענד; וואס מאכט פול איבער דער מאס.

reple'tory *a.* (רי-פלי'-טא-רי) וואס האט די נייגונג צו ווערען איבערפילט.

replev'iable *a.* (רי-פלעוו'-אי-עבל) וואס מען קען אויסלעזען; וואס מען קען צוריק בעקומען [וועגען זאכען, אויף וועלכע עס איז געלעגט אן ארעסט]. ז. ***replevin***.

replev'in *n. and v.* (רי-פלעוו'-אין) אין יוריספרודענץ — דאס אראבנעהמען אדער די פאדערונג אראבצונעהמען דעם פערבאט אויף געוויסע זאכען, אויף וועלכע עס איז געלעגט געווארען אן ארעסט [אונטער דער פערזיכערונג, אז אויב עס וועט דערוויזען ווערען, אז דער ארעסט איז געמאכט געווארען אויף א געזעצליכען גרונד זאלען די זאכען ווידער פערבאטען ווערען]; דער דאקומענט דורך וועלכען אזא פערבאט ווערט אראבגענומען; אראבנעהמען דעם פערבאט אויף ארעסטירטע זאכען.

replev'isable *a.* (רי-פלעוו'-אי-סעבל) ז. ***repleviable***.

replev'ish *v.* (רי-פלעוו'-איש) ז. ***replevy***.

replev'isor *n.* (רי-פלעוו'-אי-סאר) אין יוריספרודענץ — איינער וואס פאדערט צוריקצוקעהרען זאכען, אויף וועלכע עס איז געלעגט אן ארעסט.

replev'y *v.* (רי-פלעוו'-אי) בעטען ביי דעם געריכט צו בעפרייען ארעסטירטע זאכען; בעקומען צוריק ארעסטירטע זאכען.

rep'lica *n.* (רעפ'-לי-קא) א קאפיע; א קאפיע פון א קונסט-ווערק, וואס איז געמאכט פון דעם קינסטלער אליין און ווערט בעטראכט ווי אן אריגינאל; אין מוזיק — א ווידערהאלונג, א שטיק וואס ווערט נאך אמאל געשפיעלט.

rep'licant *n.* (רעפ'-לי-קענט) איינער וואס ענטפערט אדער אפאנירט.

rep'licate *a., n. and v.* (רעפ'-לי-קייט) צוריקגעבויגען; אין מוזיק — א ווידערהאלונג אויף א העכערען אדער נידריגערען טאן; אבבויגען אויף צוריק.

replica'tion *n.* (רעפ-לי-קיי'-שאן) אן ענטפער, אן ערווידערונג; אין געריכטספיהרונג — דער ענטפער פון אנקלאגער אויף די טענות פון דעם אנגעקלאגטען; א קאפיע, א פארטרעט פון עפעס; אין מוזיק — די ווידערהאלונג פון א טאן אויף א העכערער אדער נידריגערער אקטאווע; אין לאגיק — די ווידערהאלונג פון אווארט אין דעמזעלבען זאץ.

rep'licative *a.* (רעפ'-לי-קיי-טיוו) וואס איז שייך צו אן ענטפער, צו אן ערווידערונג, צו א ווידערהאלונג א. ז. וו.

repli'er *n.* (רי-פלאי'-ער) איינער וואס ענטפערט; איינער וואס שרייבט א רעפליקע אדער ערווידערונג.

replume' *v.* (רי-פלוהם') ווידער איינארדנען, ווידער אין ארדנונג ברייגנען; פוצען די פעדערען [ווי א פויגעל].

reply' *v. and n.* (רי-פלאי') ענטפערען; אן ענטפער, א תשובה.

repol'ish *v.* (רי-פאל'-איש) ווידער פאלירען.

repop'ulate *v.* (רי-פאפ'-יו-לייט) נאך אמאל בעפעלקערען.

repopula'tion *n.* (רי-פאפ-יו-ליי'-שאן) דאס ווידער בעפעלקערען, דאס בעפעלקערען פון דאס ניי.

report' *v. and n.* (רי-פאורט') רעפארטירען, בעריכטען; אבגעבען א ראפארט; פראטאקאלירען; אנמסר'ען אויף איינעם, פערקלאגען; א בעריכט, א ראפארט, א דין וחשבון; א קלאנג, א סלוך; א רעפוטאציע, א נאמען; א קנאל [פון א ביקס].

repor'table *a.* (רי-פאור'-טעבל) וואס קען בעריכטעט ווערן.

repor'tage *n.* (רי-פאור'-טעדזש) א רעפארט, א נאכריכט.

repor'ter *n.* (רי-פאור'-טער) דער וואס פראטאקאלירט, גיט אב א בעריכט; דער וואס פערשרייבט די פערהאנדלונגען פון פארלאמענט אדער געריכטליכע פערהאנדלונגען; א רעפארטער, א נייעס-בעריכטער אין א צייטונג.

repor'tingly *adv.* (רי-פאור'-טינג-לי) לויט ווי מען רעדט; לויט דעם קלאנג אדער סלוף.

reporto'rial *a.* (רי-פאר-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א רעפארטער [א נייעס-בעריכטער אין א צייטונג].

repo'sal *n.* (רי-פאו'-זעל) רוה; דאס רוהען.

repose' *n. and v.* (רי-פאוז') רוה, רוהיגקייט; רוהען, אויסרוהען זיך, זיין געגרינדעט אויף עפעס; געבען רוה; באזירען; פערלאזען זיך.

repose' con'fidence in one (רי-פאוז' קאנ'-פי-דענס אין הוואן) זיך אין אימעצען פערטרויען, גלויבען אין איינעם.

reposed' *a.* (רי-פאוזד') רוהיג, נעזעצט.

repo'sedly *adv.* (רי-פאו'-זעד-לי) אויף א רוהיגען, געזעצטען שטייגער.

repo'sedness *n.* (רי-פאו'-זעד-נעס) רוהיגקייט, געזעצטקייט.

repose'ful *a.* (רי-פאוז'-פול) בערוהיגענד; פול מיט רוה; אויף וועלכען אדער אויף וואס מען קען זיך פערלאזען.

repose' on (רי-פאוז' אן) פערלאזען זיך, האבען פערטרויען; באזירען, זיין געגרינדעט אויף עפעס.

repose' oneself' (רי-פאוז' הוואנ-סעלף') רוהען, זיך אויסרוהען.

repose' on lau'rels (רי-פאוז' אן לאה'-רעלז) קומען ביז א געוויסען פונקט פון עפענטליכען אנערקענטען ערפאלג און אבשטעלען זיך אויף דעם.

repos'it *v. and n.* (רי-פאז'-איט) לעגען, אוועקלעגען, בעהאלטען; דאס וואס איז אוועקגעלעגט אדער בעהאלטען געווארען.

reposi'tion *n.* (רי-פא-זיש'-אן) דאס אוועקלעגען עפעס אין זיכערהייט; דאס אומקעהרען צוריק אויף דעם פאריגען פלאץ אדער אין פאריגען צושטאנד.

repos'itory *n. and a.* (רי-פאז'-אי-טא-רי) א בעהאלטונגס-ארט; א לאגער אדער מאגאזין פאר סחורות; וואס איז בעשטימט צום האלטען אין א מאגאזין.

repossess' *v.* (רי-פא-זעס') ווידער בעזיצען; ווידער בעקומען עפעס אין בעזיץ.

reposses'sion *n.* (רי-פא-זעש'-אן) דאס בעזיצען עפעס נאך אמאל.

repo'sure *n.* (רי-פאו'-זשור) רוה, אברוה.

repot' *v.* (רי-פאט') איבערזעצען אין טעפ [פלאנצען]: איבערפלאנצען פון איין כלי אין דער צווייטער.

repour' *v.* (רי-פאור') ווידער גיסען.

reprehend' *v.* (רעפ-רי-הענד') טאדלען, פארווארפען, בלאמירען, מוסר'ען, אויסרעדען, אויסשטראפען.

reprehen'der *n.* (רעפ-רי-הענ'-דער) א טאדלער, א מוסר'ער, א בלאמירער.

reprehensibil'ity *n.* (רעפ-רי-הענ-סי-ביל'-אי-טי) דאס פערדיענען א פארוואורף, דאס זיין ווערטה געטאדעלט צו ווערען.

reprehen'sible *a.* (רעפ-רי-הענ'-סיבל) טאדעלהאפט, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

reprehen'sibleness *n.* (רעפ-רי-הענ'-סיבל-נעס) טאדעלהאפטיגקייט, דאס ווערטה זיין געטאדעלט צו ווערען.

reprehen'sibly *adv.* (רעפ-רי-הענ'-סי-בלי) אויף אן אופן וואס פערדיענט טאדעל אדער פארוואורף.

reprehen'sion *n.* (רעפ-רי-הענ'-שאן) א טאדעל, א פארוואורף.

reprehen'sive *a.* (רעפ-רי-הענ'-סיוו) וואס ווארפט פאר, וואס בלאמירט, וואס טאדעלט, וואס מוסר'ט, וואס רעדט אויס; וואס ענטהאלט טאדעל.

reprehen'sively *adv.* (רעפ-רי-הענ'-סיוו-לי) מיט פארוואורף; דורך טאדעל.

reprehen'sory *a.* (רעפ-רי-הענ'-סא-רי) וואס טאדעלט; וואס ענטהאלט טאדעל.

represent' *v.* (רעפ-רי-זענט') שילדערען, בעשרייבען; פארשטעלען; אויסמאהלען; פערטרעטען אימעצען; געבען צו פערשטעהן; שפיעלען [א ראלע אין טעאטער].

representabil'ity *n.* (רעפ-רי-זענ-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פארגעשטעלט ווערען.

represen'table *a.* (רעפ-רי-זענ'-טעבל) וואס קען פארגעשטעלט ווערען.

represen'tant *a. and n.* (רעפ-רי-זענ'-טענט) פערטרעטענד; וואס דיענט צום פערטרעטען; א פערטרעטער, א שטעל-פערטרעטער.

representa'tion *n.* (רעפ-רי-זענ-טיי'-שאן) א פארשטעלונג; א פערטרעטונג, א שטעל-פערטרעטונג; דאס פארשטעלען; א שילדערונג, א בעשרייבונג; דאס שפיעלען [א פיעסע, א ראלע]; דאס פארלעגען, דאס צייגען; דאס מוסר'ן, דאס טענה'ען; א פאלקס-פערטרעטער.

representa'tional *a.* (רעפ-רי-זענ-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צום פארשטעלען, צום שילדערען, צום פערטרעטען א. ז. וו. ז. *representation*.

represen'tative *a. and n.* (רעפ-רי-זענ'-טע-טיוו) וואס שטעלט פאר; וואס פערטרעט; א פארשטעהער, א פערטרעטער, א שטעל-פערטרעטער.

represen'tatively *adv.* (רעפ-רי-זענ'-טע-טווו-לי) רעפרעזענטירענדיג, פארשטעלענדיג, פערטרעטענדיג, אלס פערטרעטער, דורך א פערטרעטער.

represen'tativeness *n.* (רעפ-רי-זענ'-טע-טיוו-נעס) פארשטעהערשאפט, פערטרעטערשאפט.

represen'ter *n.* (רעפ-רי-זענ'-טער) איינער וואס שטעלט עפעס פאר; א פארשטעהער, א פערטרעטער.

repress' *v.* (רי-פרעס') אונטערדריקען; איינהאלטען, האלטען אין צוים.

repress'er *n.* (רי-פרעס'-ער) אן אונטערדריקער; איינער וואס האלט איין אדער האלט אין צוים.

repress'ible *a.* (רי-פרעס'-איבל) וואס קען אונטערדריקט ווערען אדער געהאלטען ווערען אין צוים.

repress'ibly *adv.* (רי-פרעס'-אי-בלי) אונטערדריקענדיג, איינהאלטענדיג, צוימענדיג.

repress'ing-machine' *n.* (רי-פרעס'-אינג-מע-שין') א מאשין צו פרעסען אדער אויסצודריקען ציעגעל; א שווערע פרעס צונויפצופרעסען וואטע.

repres'sion *n.* (רי-פרעש'-אן) א רעפרעסיע, אן אונטערדריקונג; דאס אונטערדריקען, דאס דערשטיקען [אן אויפשטאנד], דאס איינהאלטען, דאס האלטען אין צוים.

repress'ive *a.* (רי-פרעס'-איוו) אונטערדריקענד, איינהאלטענד.

repress'ively *adv.* (רי-פרעס'-איוו-לי) אויף אן אונטערדריקענדען שטייגער.

repress'ive meas'ures (רי-פרעס'-איוו מעזש'-אורז) רעפרעסיווע אדער אונטערדריקענדע מיטלען.

reprieve' *v. and n.* (רי-פריעוו') אבלעגען אויף א צייט די אויספיהרונג פון א פסק-דין [ווי וועגען טויט-שטראף]; ראטעווען פון געפאהר, בעפרייען אויף א צייט פון אן ערווארטעטער סכנה; דאס אבלעגען אויף א צייט די אויספיהרונג פון א געריכטליכען אורטייל; דאס בעפרייען זיך אויף א צייט פון א דראהענדער געפאהר; א צייטווייליגער אברוה.

rep'rimand *n. and v.* (רעפ'-רי-מענד) א רעפרימאנד, א פארוואורף, א טאדעל; טאדלען, אויסזידלען, אנשרייען.

repriman'der *n.* (רעפ-רי-מענ'-דער) איינער וואס טאדעלט, בלאמירט אדער מוסר'ט.

reprint' *v. and n.* (רי-פרינט') איבערדרוקען; אן איבערדרוק, א נייע אויפלאגע [פון א בוך].

repri'sal *n.* (רי-פראי'-זעל) נעגען-גוואלט; דאס אבנעהמען צוריק מיט גוואלט עטוואס וואס איז אבגענומען געווארען מיט גוואלט; דאס צאהלען פאר גוואלט מיט גוואלט.

reprise' *n.* (רי-פראיז') א צוריקפערכאפטע שיף אדער פערמעגען [פון א שונא אין א מלחמה]; אין מוזיק — דאס ווידערהאלען א מוזיקאלישען זאץ; א ווידערהאלטער מוזיקאלישער זאץ; דאס אומקעהרען זיך צו דער אלטער טהעמא, דאס בענייען אדער אבפרישען אן אלטע מוזיקאלישע טהעמא; אין ארכיטעקטור — דאס איבערדרעהען א געזימס אין אן אינווענינסטען ווינקעל.

repri'ses *n.* (רי-פראי'-זעז) די אראבגענומענע יעהרליכע אבגאבען פון די הכנסות פון לאנד.

repri'zes *n.* (רי-פראי'-זעז) ז. *reprises*.

reproach' *v. and n.* (רי-פראוטש') טאדלען, פארווארפען, בלאמירען; א טאדעל, א פארוואורף; א שאנדע, א שמאך.

reproach'able *a.* (רי-פראוטש'-עבל) וואס פערדיענט געטאדעלט אדער בלאמירט צו ווערען.

reproach'ableness *n.* (רי-פראוטש'-עבל-נעס) דאס זיין ווערטה געטאדעלט אדער בלאמירט צו ווערען.

reproach'ably *adv.* (רי-פראוטש'-ע-בלי) אויף אן אופן וואס פערדיענט טאדעל, אויף א טאדעלסווערטהען אופן.

reproach'er *n.* (רי-פראוטש'-ער) א טאדלער.

reproach'ful *a.* (רי-פראוטש'-פול) בעליידיגענד; פול מיט טאדעל; שענדליך.

reproach'fully *adv.* (רי-פראוטש'-פול-אי) אויף א בעליידיגענדען אופן; מיט פארוואורף; טאדלענדיג; שענדליך.

reproach'fulness *n.* (רי-פראוטש'-פול-נעס) טאדעלהאפטיגקייט; דאס זיין טאדעלהאפט; שענדליכקייט.

reproach'less *a.* (רי-פראוטש'-לעס) וואס מען קען איהם גאר ניט פארווארפען; טאדעללאז.

rep'robate *a., n. and v.* (רעפּ'-רא-בייט) זינדיג, מאראליש פערדארבען; א פערדארבענער מענש, אן אויסוואורף; טאדלען; פערוואארפען, פערדאמען.

rep'robateness *n.* (רעפּ'-רא-בייט-נעס) פערדארבענהייט; פערדאמטקייט.

rep'robater *n.* (רעפּ'-רא-ביי-טער) א פערדאמער, א פערוואארפער, א טאדלער.

reproba'tion *n.* (רעפּ-רא-ביי'-שאן) דאס פערדאמען; דאס טאדלען; פערדא-מונג; דאס זיין פערדאמט; דאס זיין פער-דאמט צו אייביגען גיהנם; דאס אבנעה-מען דאס רעכט צו האבען אן אמט [אלס א שטראף אין מיליטער פאר פערנאכלע-סיגען פליכטען].

reproba'tioner *n.* (רעפּ-רא-ביי'-שאנ-ער) איינער וואס גלויבט אין דער קאל-וויניסטישער לעהרע, אז די ניט-אויסער-וועהלטע וועלען זיין פערדאמט צו אייבי-גען גיהנם.

rep'robative *a.* (רעפּ'-רא-בע-טיוו) פערדאמענד.

rep'robatory *a.* (רעפּ'-רא-בע-טא-רי) ז. *reprobative*

reproduce' *v.* (רי-פּרא-דיוס') רעפּרא-דוצירען, מאכען א קאפּיע; ווידער ער-ציינגען, ווידער ארויסברייננגען, ווידער געבעהרען, ווידער שאפען; ווידער צום פארשיין ברייננגען.

reprodu'cer *n.* (רי-פּרא-דיו'-סער) א רעפּראדוצירער, א ווידער-ערציינגער, א ווידער-ארויסברייננגער, א ווידער-שא-פער; די מעמבראנע פון א פאנאגראף וואס רעפּראדוצירט די שטימע.

reprodu'cible *a.* (רי-פּרא-דיו'-סיבל) וואס קען רעפּראדוצירט ווערען. ז. *reproduce*

reproduc'tion *n.* (רי-פּרא-דאק'-שאן) דאס רעפּראדוצירען, דאס ווידער-ערציי-גען, דאס ווידער-ארויסברייננגען; דאס ווידער-אבוואקסען די צושטערטע טיילען פון אן ארגאניזם; די פארטפלאנצונג, די פּרוכפערונג, דאס ארויסברייננגען נייע אר-גאניזמען פון די עקזיסטירענדע; א רע-פּראדוקציאן, א קאפּיע.

reproduc'tive *a.* (רי-פּרא-דאק'-טיוו) רעפּראדוצירענד; געבעהרענד, שאפענד, ערציינגענד.

reproduc'tive cells (רי-פּרא-דאק'-טיוו סעלז) די פארטפלאנצונגס-צעלען [די צעלען ביי פלאנצען פון וועלכע עס וואק-סען ארויס נייע פלאנצען].

reproduc'tiveness *n.* (רי-פּרא-דאק'-טיוו-נעס) די אייגענשאפט, פעהיגקייט אדער נייגונג צו רעפּראדוצירען. ז. *reproduce*

reproduc'tive or'gans (רי-פּרא-דאק'-טיוו אהר'-גענז) די געשלעכטס-ארגא-נען.

reproduc'tory *a.* (רי-פּרא-דאק'-טא-רי) ז. *reproductive*

repromul'gate *v.* (רי-פּרא-מאל'-גייט) ווידער פערעפענטליכען; ווידער בע-קאנט מאכען.

repromulga'tion *n.* (רי-פּרא-מאל-גיי'-שאן) דאס פערעפענטליכען אדער בע-קאנט מאכען פון דאס ניי.

reproof' *n.* (רי-פּרוהף') דאס טאדלען; א פארוואורף.

repro'vable *a.* (רי-פּרוה'-וועבל) טא-דעלהאפט, וואס פערדיענט פארוואורף, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

repro'vableness *n.* (רי-פּרוה'-וועבל-נעס) טאדעלהאפטיגקייט, דאס זיין ווערטה געטאדעלט צו ווערען.

repro'vably *adv.* (רי-פּרוה'-ווע-בלי) צום טאדלען.

repro'val *n.* (רי-פּרוה'-וועל) א טא-דעל, א פארוואורף.

reprove' *v.* (רי-פּרוהוו') טאדלען, בלא-מירען, פארווארפען.

repro'ver *n.* (רי-פּרוה'-ווער) א טאד-לער; א בלאמירער; איינער וואס מאכט פארווירפע.

repro'ving *n.* (רי-פּרוה'-ווינג) טאד-לונג; א פארוואורף.

repro'vingly *adv.* (רי-פּרוה'-ווינג-לי) טאדלענדיג, מאכענדיג פארווירפע.

reprune' *v.* (רי-פּרוהן') ווידער ארום-שניידען [ווי די צווייגען פון בוימער]; ווידער ארומפוצען; ווידער פוצען [ווי א פויגעל די פעדערען].

reps *n.* (רעפּס) ריפּס [אזא שטאף וואס ווערט מייסטענס בענוצט פאר פרויען-קליידער].

rep'tant *a.* (רעפּ'-טענט) וואס קריכט [ווי א ווארים, א שלאנג א. ד. ג.].

repta'tion *n.* (רעפּ-טיי'-שאן) דאס קרי-כען אויף'ן בויך [ווי א ווארים, א שלאנג א. ד. ג.].

rep'tile *a. and n.* (רעפּ'-טיל) וואס קריכט; קריכעדיג; נידריג, געמיין; א רעפּטיל, א קריכענדע בעשעפעניש [ווי א ווארים, א שלאנג א. ד. ג.]; אן אמ-פיביע [א פיער-פיסיגע בעשעפעניש מיט קאלטען בלוט וואס לעבט אי אויף דער יבשה אי אין וואסער (ווי א פראש, א קראקאדיל, א שילדקראט א. ד. ג.)]; א קריכער, אן אונטערלעקער.

reptil'ia *n.* (רעפּ-טיל'-אי-א) פלעצער, וואו מען האלט רעפּטיליען. ז. *reptilium*

Reptil'ia *n.* (רעפּ-טיל'-אי-א) די רעפּ-טיליען [דער קלאס אייער-לעגענדע וויר-בעל-טהיערע וואס זייער בלוט איז קאלט און זייער הויט איז בעדעקט מיט שופּען, ווי קראקאדילען, שילדקראטען, שלאנגען א. ד. ג.].

reptil'ian *a. and n.* (רעפּ-טיל'-אי-ען) וואס איז שייך צו די רעפּטיליען; איינער פון די רעפּטיליען. ז *Reptilia*

reptilif'erous *a.* (רעפּ-טי-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט א קערפּער-טייל פון רעפּטי-ליען [ווי למשל, אין פעלזען].

rep'tiliform *a.* (רעפּ'-טיל-אי-פארם) וואס האט די פארם אדער דעם קערפּער-געבוי פון א רעפּטיל.

reptil'ious *a.* (רעפּ-טיל'-אי-אס) עהנ-ליך צו א רעפּטיל.

reptil'ium *n.* (רעפּ-טיל'-אי-אם) א פּלאץ, וואו מען האלט רעפּטיליען.

reptiliv'orous *a.* (רעפּ-טי-ליוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט רעפּטיליען [ווי פויגעל, למשל].

repub'lic *n.* (רי-פּאב'-ליק) א רעפּוב-ליק; א רעפּובליקאנישע רעגיערונגס-ארדנונג [וואו דער רעגיערער אדער די רעגיערער ווערען געוועהלט פון פאלק].

repub'lican *n. and a.* (רי-פּאב'-לי-קען) א רעפּובליקאנער, אן אנהענגער פון א רעפּובליקאנישער רעגיערונגס-ארדנונג; א פויגעל וואס לעבט אין געזעלשאפטען; רעפּובליקאניש; וואס לעבען אין געזעל-שאפטען [וועגען פויגלען].

Repub'lican *n. and a.* (רי-פּאב'-לי-קען) א רעפּובליקאנער, א מיטגליעד פון דער רעפּובליקאנער פארטיי אין די פער-אייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; וואס געהערט אדער איז נענייגט צו דער רע-פּובליקאנער פארטיי.

repub'lican cal'endar (רי-פּאב'-לי-קען קעל'-ען-דאר) דער רעפּובליקאנישער, קאלענדאר [דער קאלענדאר וואס איז פאר א קורצער צייט איינגעפיהרט גע-ווארען אין פראנקרייך אין יאהר 1793 אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואָ-לוציאן. לויט דיעזען קאלענדאר זיינען די חדשים אלע גלייך בעשטאנען פון 30 טעג און צום ענדע יאהר זיינען צוגע-לעגט געווארען 5 אדער 6 טעג. די אלטע נעמען פון די חדשים זיינען אבגעשאפט געווארען און נייע זיינען איינגעפיהרט געווארען. די חדשים זיינען איינגעטיילט אין דריי טיילען, צו צעהן טעג אין יע-דען].

repub'lican e'ra (רי-פּאב'-לי-קען אי'-רא) די רעפּובליקאנישע ערא [די צייטרעכנונג פון דער פראנצויזישער רע-פּובליק, וועלכע איז איינגעפיהרט געווא-רען דורך דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן דעם 22טען סעפּטעמבער 1792].

repub'licanise *v.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איז) ז. *republicanize*

repub'licanism *n.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איזם) רעפּובליקאניזם, רעפּובליקאנישע פּרינציפּען; די רעפּובליקאנישע רעגיע-רונגס-סיסטעם; איבערגעבענהייט צו רע-פּובליקאנישע פּרינציפּען אדער צו דער רעפּובליקאנישער רעגיערונגס-סיסטעם.

Repub'licanism *n.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איזם) די פּרינציפּען פון דער רעפּובליקא-נער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאא-טען פון אמעריקא.

repub'licanize *v.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איז) מאכען רעפּובליקאניש; מאכען פאר א רעפּובליק; מאכען פאר א רעפּובלי-קאנער.

repub'lican par'ty (רי-פּאב'-לי-קען פאר'-טי) א רעפּובליקאנישע פארטיי [א פארטיי וואס וויל איינפיהרען אדער אנ-האלטען א רעפּובליקאנישע רעגיערונגס-פארם].

Repub'lican par'ty (רי-פּאב'-לי-קען פאר'-טי) די רעפּובליקאנער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכע האט זיך נעגרינדעט אין יאהר 1854 און וועלכע האט זיך דאן געשטעלט אלס ציעל ניט צו דערלאזען די פער-שפּרייטונג פון דער נעגער-שקלאפעריי אין די טעריטאריעס.

republica'tion *n.* (רי-פּאב-לי-קיי'-שאן) די ווידער-ארויסגאבע [פון א ווערק], א נייע אויפלאגע; דאס איבער-דרוקען; א נאכאמאליגע בעקאנטמאכונג.

repub'lish *v.* (רי-פּאב'-ליש) ארויס-געבען [א ווערק] פון דאס ניי; איבער-דרוקען; ווידער בעקאנט מאכען.

repub'lisher *n.* (רי-פּאב'-ליש-ער) איינער וואס גיט ארויס נאך אמאל א ווערק; אן איבערדרוקער.

repu'diable *a.* (רי-פּיו'-די-עבל) וואס קען פערווארפען אדער פערשטויסען ווע-רען.

repu'diate *v.* (רי-פּיו'-די-אייט) פער-ווארפען, פערשטויסען; זיך שיידען [מיט א פרוי], אב'גט'ען; אבזאגען, צוריקוויי-זען; ניט אנערקענען א חוב, זיך אבזא-גען צו צאהלען א חוב.

repudia'tion *n.* (רי-פּיו-די-איי'-שאן) דאס פערווארפען אדער צוריקווייזען;

דאס פערשטויסען; דאס פערשטויסען ווערען; דאס אב'גט'ען א פרוי; דאס ניט אנערקענען אדער דאס אבזאגען זיך צו בעצאהלען א חוב [בעזאנדערס די ניט אנערקענונג פון א חוב פון דעם שטאאט אדער פון א שטאדט-רעגיערונג].

repudia'tionist *n.* (רי-פיו-די-איי'-שאן-איסט) איינער וואס ראטה דעם שטאאט אדער דער שטאדט-רעגיערונג ניט צו אנערקענען געוויסע חובות.

repu'diator *n.* (רי-פיו'-די-איי-טאר) איינער וואס ענטזאגט אדער ווייזט צוריק; איינער וואס אנערקענט ניט אז דער שטאאט איז מחויב צו צאהלען זיינע חובות; איינער וואס אנערקענט ניט די חובות פון זיין פארגעננער אין אמט.

repugn' *v.* (רי-פיון') זיין דאגעגען; געבען א ווידערשטאנד, קעמפפען נעגען.

repug'nance *n.* (רי-פאג'-נענס) ווידערווילען, אבנייגונג; א ווידערשפרוך, א סתירה.

repug'nancy *n.* (רי-פאג'-נען-סי) א ווידערשפרוך, א סתירה.

repug'nant *a.* (רי-פאג'-נענט) זייענדיג דאגעגען, זייענדיג אין דער אפאזיציע; שטרייטענד געגען; געבענדיג א ווידערשטאנד; עקעלהאפט; וואס איז אין ווידערשפרוך, וואס איז א סתירה.

repug'nantly *adv.* (רי-פאג'-נענט-לי) אין געגענזאץ; מיט געגנערשאפט; זייענדיג דאגעגען.

repug'natorial *a.* (רי-פאג'-נע-טא-רי-על) וואס גיט א ווידערשטאנד.

repul'lulate *v.* (רי-פאל'-יו-לייט) זיך ווידער פאנאנדערוואקסען.

repullula'tion *n.* (רי-פאל-יו-ליי'-שאן) דאס ווידער פאנאנדערוואקסען זיך; דאס ווידער אויסוואקסען [וועגען א קראנקהאפטען געוויקס אויף'ן קערפער].

repulse' *v. and n.* (רי-פאלס') 1. אבשלאגען, צוריקשלאגען, צוריקשטויסען, צוריקטרייבען; 2. אבזאגען, צוריקווייזען; 3. דאס צוריקשטויסען אדער צוריקטרייבען; 4. דאס ווערען צוריקגעשטויסען אדער צוריקגעטריבען; אן אבזאג, אן ענטזאגונג.

1. The army **repulsed** the attack of the enemy. 2. The girl **repulsed** his advances.

repul'ser *n.* (רי-פאל'-סער) א צוריקשטויסער, א צוריקטרייבער.

repul'sion *n.* (רי-פאל'-שאן) צוריקטרייבונג, צוריקשטויסונג; דאס ווערען צוריקגעטריבען אדער צוריקגעשטויסען; ווידערווילען, עקעל, אבשטויסונג.

repul'sive *a.* (רי-פאל'-סיוו) צוריקשטויסענד; וואס טרייבט צוריק; אבשטויסענד, וואס רופט ארויס עקעל אדער ווידערווילען.

The features of the black race are often **repulsive** to the white race.

repul'sively *adv.* (רי-פאל'-סיוו-לי) צוריקשטויסענדיג, צוריקטרייבענדיג; ארויסרופענדיג עקעל אדער ווידערווילען.

repul'siveness *n.* (רי-פאל'-סיוו-נעס) דאס זיין אבשטויסענד אדער עקעלדיג.

repul'sive pow'er (רי-פאל'-סיוו פאו'-ער) אבשטויסונגס-קראפט [די קראפט וואס שטויסט אב איין קערפער פון דעם אנדערען].

repur'chase *v. and n.* (רי-פויר'-טשעס) ווידער קויפען, צוריק קויפען; דאס צוריק-אבקויפען; דאס ווידער קויפען.

repurge' *v.* (רי-פוירדזש') ווידער רייניגען.

repu'rify *v.* (רי-פיו'-רי-פאי) ווידער לייטערען, ווידער רייניגען.

rep'utable *a.* (רעפ'-יו-טעבל) וואס האט א גוטע רעפוטאציע אדער. א גוטען נאמען, וואס ווערט געאכטעט; אנשטענדיג, עהרבאר.

rep'utableness *n.* (רעפ'-יו-טעבל-נעס) עהרענהאפטיגקייט, א גוטער נאמען; אנשטענדיגקייט, עהרבארקייט.

rep'utably *adv.* (רעפ'-יו-טע-בלי) אויף אן עהרענהאפטען, אנשטענדיגען שטייגער.

reputa'tion *n.* (רעפ-יו-טיי'-שאן) א רעפוטאציע; א גוטער נאמען; אנזעהן, בעריהמטהייט.

repute' *v. and n.* (רי-פיוט') 1. שעצען, האלטען הויך; 2. רעכנען, האלטען פאר...; 3. א רעפוטאציע, א נאמען; א גוטער נאמען; אכטונג; 4 אן אנגענומענע מיינונג.

2. He is **reputed** a wealthy man. 3. Only men of good **repute** should be elected to public office. 4. He is considered a rascal according to common **repute**.

repu'ted *a.* (רי-פיו'-טעד) געאכטעט, געשעצט; הויך געשעצט; אנגענומען; גערעכנט אדער געהאלטען פאר...

repu'tedly *adv.* (רי-פיו'-טעד-לי) לויט דער אנגענומענער מיינונג.

repute'less *a.* (רי-פיוט'-לעס) וואס האט ניט קיין גוטע רעפוטאציע, וואס האט ניט קיין גוטען נאמען; אונאנשטענדיג.

request' *v. and n.* (רי-קהוועסט') בעטען; פערלאנגען; בעגעהרען; א בעגעהר; א ביטע; א פערלאנג; א נאכפראגע.

reques'ter *n.* (רי-קהוועס'-טער) א בעטער; א ביטע-שטעלער.

request'-pro'gram *n.* (רי-קהוועסט'-פראו'-גרעם) א מוזיקאלישעס פראגראם וואס איז צונויפגעשטעלט לויט דעם פערלאנג פון פערזאמעלטען פובליקום.

requick'en *v.* (רי-קהוויק'ן) ווידער בעלעבען, ווידער לעבעדיג מאכען.

re'quiem *n.* (רי'-קהווי-עם) די זעעלען-מעסע [די תפלה אדער הזכרת נשמות וואס די קאטוילישע קירך פראוועט נאך א טויטען]; די מוזיק פון א זעעלען-מעסע; א הימן אדער א מוזיקאלישעס גאטעסדיענסט נאך א טויטען.

re'quiem-mass *n.* (רי'-קהווי-עם-מעס) א זעעלען-מעסע. ז. ***requiem***

requies'cat in pa'ce (רעק-הווי-עס'-קעט אין פיי'-סי) זאל ער רוהען אין פריעדען [א געוויסע קריסטליכע תפלה נאך א טויטען, געברויכט אויך אלס אויפשריפט אויף מצבות].

requies'cence *n.* (רעק-הווי-עס'-ענס) רוה, אברוה.

requir'able *a.* (רי-קהוואיר'-עבל) וואס פאדערט זיך; פערלאנגט, נויטיג.

require' *v.* (רי-קהוואיר') פאדערען, פערלאנגען; בעגעהרען; הייסען; בעטען; נויטיגען זיך, בעדארפען.

require'ment *n.* (רי-קהוואיר'-מענט) א פאדערונג; א פערלאנג; א בעדארף, א בעדערפניש; א נויטיגע בעדינגונג.

requir'er *n.* (רי-קהוואיר'-ער) א פערלאנגער, א פאדערער.

requir'ing *n.* (רי-קהוואיר'-אינג) א פערלאנג, א פאדערונג, א בעדערפניש, א נויטווענדיגקייט.

req'uisite *a. and n.* (רעק'-הווי-זיט) נויטווענדיג, וואס איז דורכאויס נויטיג; א נויטיגע איינגענשאפט אדער בעדינגונג; א נויטווענדיגקייט.

req'uisitely *adv.* (רעק'-הווי-זיט-לי) נויטווענדיג, דורכאויס נויטיג.

req'uisiteness *n.* (רעק'-הווי-זיט-נעס) נויטווענדיגקייט, דאס זיין דורכאויס נויטיג.

requisi'tion *n. and v.* (רעק-הווי-זיש'-אן) דאס פאדערען, דאס פערלאנגען; א ביטע; א פאדערונג; א פערלאנג; די פאדערונג פון איין שטאאט, אז דער אנדערער שטאאט זאל ארויסגעבען אן אנטלאפענעם פערברעכער; אן אפיציעלע פאדערונג, אז די בעפעלקערונג זאל צושטעלען די נויטיגע לעבענס-פראדוקטען פאר דער ארמעע אדער פלאטע; די קאנפיסקאציע פון די נויטיגע לעבענס-פראדוקטען דורך א פיינדליכער ארמעע; א געשריבענע איינלאדונג; א פאדערונג, אז א חוב זאל בעצאהלט ווערען; פערלאנגען, פאדערען; פאדערען פון א געמיינדע צוצושטעלען לעבענס-מיטעל פאר דער ארמעע.

requis'itive *a. and n.* (רי-קהוויז'-אי-טיוו) פאדערענד, נאכזוכענד, פערלאנגענד; איינער וואס דריקט אויס א פערלאנג.

requis'itor *n.* (רי-קהוויז'-אי-טאר) איינער וואס שטעלט א פאדערונג; איינער וואס דריקט אויס א פערלאנג; איינער וואס איז בעפאלמעכטיגט דורך א פערלאנג צו מאכען אן אונטערזוכונג פון פאקטען.

requis'itory *a.* (רי-קהוויז'-אי-טא-רי) וואס פערלאנגט, וואס פאדערט.

requisi'tum *n.* (רעק-הווי-סאי'-טאם) א נויטיגע בעדינגונג פאר א פראבלעמע.

requi'table *a.* (רי-קהוואי'-טעבל) וואס קען בעלוינט ווערען [מיט גוטעס פאר גוטעס און מיט שלעכטעס פאר שלעכטעס]; וואס קען בעצאהלט ווערען מדה כנגד מדה.

requi'tal *n.* (רי-קהוואי'-טעל) בעלוינונג, פערגעלטונג [מיט גוטעס פאר גוטעס און מיט שלעכטעס פאר שלעכטעס]; דאס בעצאהלען מדה כנגד מדה.

requite' *v.* (רי-קהוואיט') בעלוינען, פערגעלטען [פאר גוטעס מיט גוטעס און פאר שלעכטעס מיט שלעכטעס], צאהלען מדה כנגד מדה.

rerail' *v.* (רי-רייל') צוריק ארויפשטעלען אויף די רעלסען [שינעס].

reread' *v.* (רי-ריעד') ווידער אמאל לעזען, איבערלעזען נאך אמאל.

rere'brace *n.* (ריער'-בריים) דער טהייל פון א פאנצער וואס בעדעקט דעם ארם פון דער פלייצע [אקסעל] ביז צום עלענבויגען.

rere'dos *n.* (ריער'-דאס) דער אלטאר-רוקען [א ווענטעל אדער א דעקארירטער וואנד-טייל הינטער אן אלטאר אין א קירך]; דאס הינטער-ווענטעל פון א פייערהערד; דאס רוקען-שטיק פון א פאנצער.

rerefine' *v.* (רי-רי-פאין') ווידער ראפינירען, ווידער לייטערען.

rereflect' *v.* (רי-רי-פלעקט') ווידער רעפלעקטירען, ווידער צוריקווארפען אדער צוריקשטראהלען; ווידער בעטראכטען, ווידער איבערלעגען זיך.

rereign' *v.* (רי-ריין') ווידער רעגיערען.

rere'mouse *n.* (ריער'-מאוס) א פלעדער-מויז.

reresolve' *v.* (רי-רי-זאלוו') ווידער בעשליסען.

rerise' *v.* (רי-ראיז') ווידער אויפהויבען זיך.

resail' *v.* (רי-סייל') צוריקזעגלען, צוריקפאהרען.

resale' *n.* (רי-סייל') א ווידער-פערקויף, א פערקויף פון דער צווייטער האנד.

resaluta'tion *n.* (רי-סעל-יו-טיי'-שאן) א געגען-גרוס.

resalute′ *v.* (רי-סע-ליוט׳) וויעדער אמאל בעגריסען; ענטפערען אויף א גרוס.

rescind′ *v.* (רי-סינד׳) ערקלערען פאר אונגילטיג, צוריקרופען, אבשאפען; אבשניידען.

Finding that he had made a bad bargain he attempted to rescind the contract.

rescin′dable *a.* (רי-סינ׳-דעבל) וואס קען ערקלערט ווערען פאר אונגילטיג, וואס קען אבגעשאפט ווערען.

rescind′ment *n.* (רי-סינד׳-מענט) ז. *rescission*.

rescis′sion *n.* (רי-סיזש׳-אן) דיא אבשאפונג; דאס ערקלערען פאר אונגילטיג.

rescis′sory *a.* (רי-סיס׳-א-רי) וואס האט די מאכט אבצושאפען, וואס שאפט אב, וואס מאכט אונגילטיג.

rescoun′ter *n. and v.* (רעס-קאונ׳-טער) א געגענזייטיגע אויסגלייכונג פון קאמערציעלע חשבונות אדער תביעות; דער אויסגלייכס-טאג אויף דער בערזע; געגענזייטיג אויסגלייכען די פאסטען אין די געשעפטס-ביכער.

rescribe′ *v.* (רי-סקראיב׳) ענטפערען, צוריקשרייבען; איבערשרייבען, שרייבען פון דאס ניי.

re′script *n.* (רי׳-סקריפט) א רעסקריפט [א געשריעבענער ענטפער פון א קייזער אדער פאפסט אלס אן ענטשיידונג אויף געוויסע רעכטס-פראגען]; אן עדיקט, א קייזערליכער בעפעהל; א דופליקאט, א קאפיע [פון א שריפט].

rescrip′tion *n.* (רי-סקריפ׳-שאן) דאס ענטפערען אויף א בריעף, דאס צוריקשרייבען; אן ענטפער אויף א בריעף.

rescrip′tive *a.* (רי-סקריפ׳-טיוו) וואס איז שייך צו א רעסקריפט, וואס האט דעם כאראקטער פון א רעסקריפט [ז. *rescript*]; ענטשיידענד.

res′cuable *a.* (רעס׳-קיו-עבל) וואס קען בעפרייט ווערען.

res′cue *v. and n.* (רעס׳-קיו) רעטען, בעפרייען; וויעדער בעקומען; רעטונג, בעפרייאונג; דאס צוריק-בעקומען; אן אונגעזעצליכע בעפרייאונג, בענוצענדיג גוואלט.

res′cuer *n.* (רעס׳-קיו-ער) א בעפרייער; איינער וואס ראטעוועט.

rescussee′ *n.* (רעס-קא-סיע׳) דער ארעסטירטער, וועלכען מען בעפרייט מיט גוואלט.

rescus′sor *n.* (רעס-קאס׳-אר) איינער וואס בעפרייט אן ארעסטירטען מיט גוואלט.

research′ *n. and v.* (רי-סוירטש׳) א פארשונג, אן אונטערזוכונג; א וויסענשאפטליכע אויספארשונג וועגען עפעס; וויעדער נאכפארשען, מאכען א צווייטע אונטערזוכונג.

resear′cher *n.* (רי-סויר׳-טשער) א פארשער; איינער וואס מאכט אונטערזוכונגען.

research′ful *a.* (רי-סוירטש׳-פול) מיט פארשונגס-אייפריגקייט; וואס אונטערזוכט אדער פארשט אויס פלייסיג.

reseat′ *v.* (רי-סיעט׳) וויעדער זעצען; אריינשטעלען נייע בענק.

resect′ *v.* (רי-סעקט׳) אבשניידען.

resec′tion *n.* (רי-סעק׳-שאן) אין כירורגיע — די רעזעקציאן, דאס אויסשניידען א טייל פון אן ארגאן [בעזאנדערס א ביין].

Rese′da *n.* (רי-סי׳-דא) די רעזעדא-בלומען. ז. *mignonette*.

rese′da *n.* (רי-סי׳-דא) רעזעדא-פארב, א גרוי-גרינער קאליר.

reseek′ *v.* (רי-סיעק׳) וויעדער זוכען.

reseize′ *v.* (רי-סיעז׳) וויעדער צונעהמען; עפעס וויעדער פערכאפען; צוריק נעהמען אין בעזיץ; בעקומען אין בעזיץ.

resei′zer *n.* (רי-סיע׳-זער) א פערכאפער, איינער וואס פערכאפט וויעדער אין זיין בעזיץ.

resei′zure *n.* (רי-סיע׳-זשור) דאס פערכאפען נאך אמאל.

resell′ *v.* (רי-סעל׳) וויעדער פערקויפען.

resem′blance *n.* (רי-זעמ׳-בלענס) עהנליכקייט; אן עהנליכקייט; עפעס וואס איז עהנליך; א פארטרעט.

resem′ble *v.* (רי-זעמ׳בל) זיין עהנליך, זיין גלייך; צוגלייכען, פערגלייכען.

resem′bler *n.* (רי-זעמ׳-בלער) א גלייכען; איינער אדער עטוואס וואס איז עהנליך צו אימעצען אדער עפעס.

resem′bling *a.* (רי-זעמ׳-בלינג) עהנליך, גלייכארטיג, גלייכפערמיג.

resem′blingly *adv.* (רי-זעמ׳-בלינג-לי) אזוי, עס זאל זיין עהנליך; אויף א גלייכארטיגען אדער גלייכפערמיגען שטייגער.

resem′inate *v.* (רי-סעמ׳-אי-נייט) וויעדער פאנאנדערזייהען; וויעדער לאזען ארויסשפראצען; וויעדער פראדוצירען.

resend′ *v.* (רי-סענד׳) וויעדער שיקען; צוריקשיקען; אומקעהרען.

resent′ *v.* (רי-זענט׳) האבען פאראיבעל, זיין אין כעס אדער עמפערט [פון אן אונגערעכטיגקייט].

resent′er *n.* (רי-זענט׳-ער) דער וואס האט פאראיבעל; איינער וואס פיהלט שטארק א בעליידיגונג.

resent′ful *a.* (רי-זענט׳-פול) עמפפינדליך, וואס בעליידיגט זיך גיך, געניינט צום צארן, רייצבאר, אויפגערעגט.

resent′fully *adv.* (רי-זענט׳-פול-אי) מיט כעס, מיט פערדרוס; אויף אן אויפגערעגטען שטייגער.

resent′ive *a.* (רי-זענט׳-איוו) ז. *resentful*.

resent′ment *n.* (רי-זענט׳-מענט) א טיעף געפיהל פון בעליידיגונג [פאר אן אונגערעכטיגקייט]; שטארקער פערדרוס, כעס, ערגערניס.

reserva′tion *n.* (רעז-ער-וויי׳-שאן) דאס רעזערווירען, דאס איינהאלטען עפעס אין זאפאס; די צוריקהאלטונג; דאס וואס ווערט איינגעהאלטען אין רעזערוו אדער זאפאס; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שטיק עפענטליכעס לאנד, וואס ווערט פערהאלטען פאר געוויסע צוועקען [ווי פאר שולען, פאר די אינדיאנער א. ד. ג.]; אין יוריספרודענץ — א פונקט אין א דאקומענט, דורך וועלכען איינער וואס גיט איבער לאנד לאזט איבער פאר זיך א געוויסען רעכט [ווי למשל, ווען איינער גיט איבער דעם אנדערען א פערמע און לאזט פאר זיך איבער דאס רעכט צו האבען א דורכגאנג דורך א פעלד פון דיעזער פערמע].

reser′vative *a.* (רי-זויר׳-ווע-טיוו) רעזערווירענד, איינהאלטענד, פערהיטענד.

reser′vatory *n.* (רי-זויר׳-ווע-טא-רי) דער פלאץ וואו זאכען ווערען געהאלטען.

reserve′ *v. and n.* (רי-זירוו׳) אבשפארען, פערהיטען, לעגען אן א זייט, רעזערווירען, פערהאלטען; האלטען, איבערלאזען פאר זיך; מאכען אן אויסנאהם; דאס וואס ווערט רעזערווירט אדער פערהיט אויף שפעטער; איינגעהאלטענקייט, פארזיכטיגקייט [אין אויסדריקען מיינונגען אדער געפיהלען]; אן אויסנאהם; א בעדינגונג; א בעגרענצונג; א פערבאט; רעזערוו [זאפאסנע סאלדאטען].

reserved′ *a.* (רי-זירווד׳) פערהאלטען, ניט בענוצט, רעזערווירט; איינגעהאלטען, פארזיכטיג; שעמעוודיג; ניט אפענהערציג.

reser′vedly *adv.* (רי-זויר׳-ווער-לי) אויף אן איינגעהאלטענעם, קאלטען, פארזיכטיגען אדער ניט אפענהערציגען שטייגער.

He speaks reservedly, but he speaks with sincerity.

reser′vedness *n.* (רי-זויר׳-וועד-נעס) איינגעהאלטענקייט, פארזיכטיגקייט, ניט-אפענהערציגקייט.

reser′vist *n.* (רי-זויר׳-וויסט) א רעזערוויסט, א זאפאסנער סאלדאט.

res′ervoir *n. and v.* (רעז׳-ער-וואואר) א רעזערוואואר, א באסיין אדער א כלי צו האלטען פליסיגקייטען אדער גאזען; בעזארגען מיט א רעזערוואואר; צוזאמענקלייבען אדער האלטען פליסיגקייטען אדער גאזען אין א רעזערוואואר.

reset′ *v. and n.* (רי-סעט׳) אויפזעצען נאך אמאל, וויעדער זעצען, וויעדער צוזאמענשטעלען; אויפנעהמען און געבען אבדאך א פערברעכער; דאס אויפזעצען נאך אמאל; דאס אויפנעהמען א פערברעכער; דאס בעהאלטען גע׳גנב׳עטע זאכען.

reset′ter *n.* (רי-סעט׳-ער) אין געזעצגעבונג — איינער וואס נעהמט צו גע׳גנב׳עטע זאכען; איינער וואס נעהמט אויף און גיט וואהנונג א פערברעכער; איינער וואס זעצט אדער שטעלט וויעדער איין.

reset′tle *v.* (רי-סעט׳ל) וויעדער איינארדנען, וויעדער אין ארדנונג בריינגען, וויעדר בערוהיגען; וויעדער איינשטעלען א גייסטליכען אין זיין אמט; וויעדער אנגעשטעלט ווערען אלס גייסטליכער.

reset′tlement *n.* (רי-סעט׳ל-מענט) דאס וויעדער איינארדנען, דאס וויעדער איינשטעלען; א נייע איינשטעלונג אדער איינארדנונג.

reshape′ *v.* (רי-שייפ׳) וויעדער אמאל פארמירען; צונעבען א נייע פארם אדער געשטאלט.

reship′ *v.* (רי-שיפ׳) וויעדער עקספעדירען פער שיף, וויעדער אמאל אבשיקען מיט א שיף; צוריקשיקען.

reship′ment *n.* (רי-שיפ׳-מענט) דאס וויעדער אמאל עקספעדירען פער שיף; דאס צוריקשיקען.

reside′ *v.* (רי-זאיד׳) 1. וואהנען, רעזידירען, זיך אויפהאלטען; 2. זיין איינגעבארען, געפינען זיך אין... [וועגען אן איינגענשאפט].

1. We shall reside in Paris.

res′idence *n.* (רעז׳-אי-דענס) דאס וואהנען, דאס אויפהאלטען זיך לאנג אויף אן ארט; א וואהנונג, א רעזידענץ, א וואהן-ארט; דאס זיין שטענדיג אויף׳ן פאסט [דאס געפינען זיך אויף׳ן ארט וואס עס פאדערט די פליכט אדער דאס אמט].

res′idency *n.* (רעז׳-אי-דענ-סי) א רעזידענץ, א וואהנונגס-ארט: אין אסט-אינדיען — דער אפיציעלער וואהנונגס-ארט פון דעם בעאמטען, וואס פערטרעט דעם וויצע-קעניג אין איינעם פון די וויכטיגסטע געריכטען.

res′ident *a. and n.* (רעז׳-אי-דענט) וואהנענד: וואס האלט זיך אויף לאנג אין א בעשטימטען ארט; וואס געפינט זיך אין

א געוויסען פלאץ דאס גאנצע יאהר, וואס וואנדערט ניט [וועגען פויגעל]; אן איינוואהנער; א רעזידענט, א דיפלאמאטישער פערטרעטער אין אן אויסלענדישען הויף; אין אסט-אינדיען — דער פערטרעטער פון ענגלישען וויצע-קעניג אין געריכט.

residen'tiary *a. and n.* (רעזי-אי-דענ'-שיע-רי) וואהנענד; וואס איז פערפליכטעט צו וואהנען א געוויסע צייט אין א קאטעדראל-קירך [וועגען א גייסטליכען]; א גלח וואס איז פערבונדען מיט א געווייסער קירך; אן איינוואהנער.

res'identship *n.* (רעזי'-אי-דענט-שיפ) די שטעלע אדער דאס אמט פון א רעזידענט אדער דיפלאמאטישען פערטרעטער אין אן אויסלענדישען הויף.

resi'der *n.* (רי-זאי'-דער) אן איינוואהנער, א תושב.

resid'ual *a. and n.* (רי-זידזש'-יו-על) וואס איז שייך צו א רעשט אדער דיפערענץ; וואס איז איבערגעבליבען, וואס בלייבט איבער; א רעשט; אין מאטעמאטיק — דער דיפערענץ.

resid'uary *a.* (רי-זידזש'-יו-ע-רי) וואס איז איבערגעבליבען; איבעריג; צוריקבלייבענד, נאכבלייבענד.

resid'uary estate' (רי-זידזש'-יו-ע-רי עס-טייט') דער טייל פון א ירושה, וואס בלייבט נאכדעם ווי מען האט אויסגעצאהלט אלע חובות און געמאכט אלע אנדערע אויסצאהלונגען [ווי נדבות א. ד. ג.] לויט דער צואה פון פערשטארבענעם.

resid'uary legatee' (רי-זידזש'-יו-ע-רי לעג-ע-טיע') דער יורש וואס בעקומט די גאנצע איבערנעבליבענע ירושה [נאכדעם ווי מען האט אויסגעצאהלט די חובות פון פערשטארבענעם און אויך די געלדער וואס ער האט פערזאגט אין זיין צואה צו אנדערע מענשען].

resid'uary prop'erty (רי-זידזש'-יו-ע-רי פראפ'-ער-טי) דער טייל ירושה, וואס בלייבט נאך'ן אבצאהלען אלע חובות פון'ם פערשטארבענעם און אויך אלע געלדער און אייגענטום וואס ער האט פערזאגט אין צואה צו אנדערע מענשען.

res'idue *n.* (רעזי'-אי-דיו) דער רעשט, דאס איבערגעבליבענע; דער אבזאץ; דאס איבערגעבליבענע פערמעגען [נאך'ן אויסצאהלען אלע שולדען און לעגאטען פון'ם פערשטארבענעם].

resid'uum *n.* (רי-זידזש'-יו-אם) ז. *residue*.

resign' *v.* (רי-סאין') ווידער אונטערצייכנען, ווידער אונטער'חתמ'ענען זיך.

resign' *v.* (רי-זאין') רעזיגנירען, געהן אין דעמיסיע, אבזאגען זיך פון אמט; אויפגעבען, זיך ענטזאגען; זיך אונטערגעבען, זיך בויגען, אננעהמען פאר ליעב.

resigna'tion *n.* (רעזי-איג-ניי'-שאן) רעזיגנאציאן, דאס אבזאגען זיך [פון אן אמט, פון א שטעלע, פון בעזיץ א. ד. ג.]; דאס פאר ליעב נעהמען, דאס אונטערווארפען זיך [הויפטזעכליך דעם שיקזאל].

resigned' *a.* (רי-זאינד') וואס ווארפט זיך אונטער [הויפטזעכליך דעם שיקזאל]; וואס בויגט זיך שטיל, אהן טענות [פאר'ן שיקזאל].

resignee' *n.* (רי-זאי-ניע') דער, וועמען מען טרעט עפעס אב.

resign'er *n.* (רי-זאינ'-ער) איינער וואס רעזיגנירט אדער זאגט זיך אב; דער וואס נעהמט עפעס אן פאר ליעב אדער גיט זיך אונטער.

resign'ment *n.* (רי-זאינ'-מענט) דאס רעזיגנירען, דאס אבזאגען זיך פון אמט.

resign' of'fice (רי-זאין' אפ'-איס) זיך אבזאגען פון אמט, רעזיגנירען.

resile' *v.* (רי-זאיל') אבשפּרינגען צוריק; אבזאגען זיך פון עפעס; זיך צוריקציהען.

resil'ience *n.* (רי-זיל'-אי-ענס) ז. *resiliency*.

resil'iency *n.* (רי-זיל'-אי-ענ-סי) דאס צוריקשפרינגען, דאס אבשפרינגען [ווי פון אן עלאסטישען קערפער].

resil'ient *a.* (רי-זיל'-אי-ענט) וואס שפרינגט אב צוריק [ווי אן עלאסטישער קערפער].

res'in *n. and v.* (רעזי'-אין) סמאלע אדער פעך-זאפט פון בוימער און אנדערע פלאנצען; רייבען, בעדעקען אדער בעגיסען מיט פעך-זאפט.

res'in-gland *n.* (רעזי'-אינ-גלענד) אין באטאניק — א צעלע אדער א גרופע פון צעלען וואס ענטהאלטען אין זיך פעך-זאפט.

resinif'erous *a.* (רעזי-אי-ניפ'-ע-ראס) פעכיג, פון וועלכע עס טריפט פעך-זאפט [וועגען געוויסע פלאנצען].

resinifica'tion *n.* (רעזי-אי-ני-פי-קיי'-שאן) דאס פעכען, דאס בעשמירען אדער בעגיסען מיט פעך-זאפט.

res'iniform *a.* (רעזי'-אי-ני-פארם) וואס האט די פארם אדער די אייגענשאפטען פון פעך-זאפט.

res'inify *v.* (רעזי'-אי-ני-פאי) מאכען פעכיג; ווערען פעכיג.

res'inize *v.* (רעזי'-אי-נאיז) רייבען אדער אנשמירען מיט פעך-זאפט.

res'inoid *a. and n.* (רעזי'-אי-נאיד) פעכיג, עהנליך צו פעך-זאפט; א פעכיגע זאך.

res'inous *a.* (רעזי'-אי-נאס) פעכיג; וואס איז שייך צו פעך-זאפט.

res'inousness *n.* (רעזי'-אי-נאס-נעס) פעכינקייט, דאס זיין פעכיג.

res'iny *a.* (רעזי'-אי-ני) פעכיג; וואס ענטהאלט אין זיך אדער וואס איז בעדעקט מיט פעך-זאפט.

resist' *v. and n.* (רי-זיסט') זיך גענגשטעלען; ווירקען דאגעגען; אויסשטעהן אדער אויסהאלטען [אן אטאקע]; ארויסווייזען א ווידערשטאנד; אין דער פאבריקאציאן פון ציץ אדער קאטון — א מין קליי, וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף צייג, כדי ניט צוצולאזען צו איהם א געוויסע פארב; א שטאף וואס פערהיט עפעס פון כעמישער ווירקונג.

resis'tance *n.* (רי-זיס'-טענס) דער ווידערשטאנד, דאס שטעלען זיך דאגעגען; אפאזיציאן, אנטאגאניזם; אין פיזיק — די ווידערשטאנדס-קראפט.

resis'tance-box *n.* (רי-זיס'-טענס-באקס) א ווידערשטאנדס-קאסטען [א קאסטען וואס ענטהאלט פערשיעדענע דראט-שפולען און ווערט בענוצט פאר דעם צוועק צו רעגולירען אן עלעקטרישען שטראם].

resis'tance-coil *n.* (רי-זיס'-טענס-קאיל) א ווידערשטאנדס-שפולע [א דראט-שפולע וואס ווערט בענוצט צו פערגרעסערען דעם ווידערשטאנד פון אן עלעקטרישען שטראם-קרייז].

resis'tant *a. and n.* (רי-זיס'-טענט) וואס גיט א ווידערשטאנד; וואס שטעלט זיך אנטקעגען; גענגעריש; איינער אדער עטוואס וואס צייגט ארויס א ווידערשטאנד; א שטאף וואס פערהיט פון כעמישער ווירקונג; אין דער פאבריקאציאן פון ציץ — א קליי אויף דעם ציינ, וואס לאזט ניט צו א געוויסע פארב. ז. *resist*.

resis'tence *n.* (רי-זיס'-טענס) ז. *resistance*.

resis'tent *a.* (רי-זיס'-טענט) וואס גיט א ווידערשטאנד. ז. *resistant*.

resis'ter *n.* (רי-זיס'-טער) דער וואס גיט א ווידערשטאנד; דער וואס שטעלט זיך אנטקעגען.

resistibil'ity *n.* (רי-זיס-טי-ביל'-אי-טי) ווידערשטעהליכקייט.

resis'tible *a.* (רי-זיס'-טיבל) וואס מען קען זיך שטעלען געגען דעם; וואס מען קען ווידערשטעהן; ווידערשטעהליך.

resis'tibleness *n.* (רי-זיס'-טיבל-נעס) ז. *resistibility*.

resis'tibly *adv.* (רי-זיס'-טי-בלי) אזוי אז עס זאל מעגליך זיין א ווידערשטאנד; ווידערשטעהליך.

resis'tingly *adv.* (רי-זיס'-טינג-לי) מיט ווידערשטאנד; שטעלענדיג זיך אנטקעגען.

resis'tive *a.* (רי-זיס'-טיוו) וואס איז בכח צו שטעלען זיך אנטקעגען, וואס קען געבען א ווידערשטאנד.

resis'tively *adv.* (רי-זיס'-טיוו-לי) דורך א ווידערשטאנד; שטעלענדיג זיך אנטקעגען; ארויסווייזענדיג א ווידערשטאנד.

resistiv'ity *n.* (רי-זיס-טיוו'-אי-טי) די ווידערשטאנדס-פעהיגקייט.

resist'less *a.* (רי-זיסט'-לעס) אונווידערשטעהליך, וואס מען קען ניט ווידערשטעהן; וואס קען ניט בעווייזען קיין ווידערשטאנד; אונמעכטיג, הילפלאז.

resist'lessly *adv.* (רי-זיסט'-לעס-לי) ניט בייצוקומען; אויף אן אונווידערשטעהליכען אופן.

resist'lessness *n.* (רי-זיסט'-לעס-נעס) די אונווידערשטעהליכקייט; די אונמעגליכקייט צו געבען א ווידערשטאנד.

resist'-work *n.* (רי-זיסט'-הוואירק) דאס מאכען אוזארען אויף ציץ אדער קאטון מיט דער הילף פון ארויפגעלעגטען קליי, וועלכע לאזט ניט צו צום ציינ געוויסע פארבען.

resmooth' *v.* (רי-סמוהטה') ווידער אויסגלעטען.

resold'er *v.* (רי-סאד'-ער) ווידער צונויפלייטען, ווידער פעראייניגען אדער גאנץ מאכען.

res'oluble *a.* (רעזי'-א-ליובל) שמעלצבאר, וואס קען צושמאלצען אדער אויפגעלעזט ווערען.

res'olute *a.* (רעזי'-א-ליוט) ענטשלאסען, פעסט.

res'olutely *adv.* (רעזי'-א-ליוט-לי) מיט ענטשלאסענהייט, מיט פעסטקייט.

res'oluteness *n.* (רעזי'-א-ליוט-נעס) די ענטשלאסענהייט, די פעסטקייט; פעסטער ענטשלוס.

resolu'tion *n.* (רעזי-א-ליו'-שאן) לעזונג [פון שוועריגקייטען, פראבלעמען א. ז. וו.]; אויפלעזונג [פון א קאמפליצירטען כעמישען שטאף אין די בעשטאנדטיילען]; אננעהמונג פון א בעשלוס; אן ענטשלוס; ענטשלאסענהייט; א רעזאלוציאן; אין מעדיצין — בעזייטיגונג, פערשווינדונג [ווי פון א געשווילעכץ].

resolu'tioner *n.* (רעזי-א-ליו'-שאנ-ער) איינער וואס נעהמט אן א רעזאלוציאן; איינער וואס שטימט צו צו א רעזאלוציאן.

resolu'tionist *n.* (רעזי-א-ליו'-שאנ-איסט) איינער וואס נעהמט אן א רעזאלוציאן.

res'olutive *a. and n.* (רעזי'-א-ליו-

טיון) וואס לאזט פאנאנדער, וואס לעזט אויף; א מיטעל געגען געשווילעכץ.

res'olutory *a.* (רעזו'-א-ליו-טא-רי) בעשליסענד, בעשטימענד; אויפלעזענד; אבשאפענד.

resolvabil'ity *n.* (רי-זאל-ווע-ביל'-אי-טי) אויפלעזבארקייט; לעזבארקייט, ערקלערליכקייט; דאס קענען פאנאנדערגעלאזען ווערען; דאס קענען פאנאנדערגעלעגט ווערען אויף די בעשטאנד-טיילען; דאס קענען אנאליזירט ווערען.

resol'vable *a.* (רי-זאל'-וועבל) לעזבאר; ערקלערליך; אויפלעזבאר; וואס קען פאנאנדערגעלעגט ווערען אויף בעשטאנד-טיילען; וואס קען צוגעהן אדער צולאזען ווערען.

resol'vableness *n.* (רי-זאל'-וועבל-נעס) ז. ***resolvability***

resolve' *v. and n.* (רי-זאלוו') צולאזען, צושמעלצען; אויפלעזען; ווערען פאנאנדערגעלעגט אדער פאנאנדערלעגען אויף די בעשטאנד-טיילען; פאנאנדערטרייבען אדער אויפלעזען א געשווילעכץ; לעזען [א פראבלעם, א רעטעניש]; בעפרייען פון א פערלעגענהייט אדער שוועריגקייט; פערוואנדלען; בעשטימען; בעשליסען; אננעהמען א רעזאלוציאן אדער בעשלוס; א רעזאלוציאן, א בעשלוס, אן ענטשלוס; ענטשלאסענהייט.

resolved' *a.* (רי-זאלווד') ענטשלאסען; בעשלאסען.

resol'vedly *adv.* (רי-זאל'-וועד-לי) מיט ענטשלאסענהייט; אזוי אז אלע צווייפלען אדער שוועריגקייטען זאלען בעזייטיגט ווערען; צופריעדענשטעלענד.

resol'vedness *n.* (רי-זאל'-וועד-נעס) ענטשלאסענהייט.

resol'vent *a. and n.* (רי-זאל'-ווענט) אויפלעזענד, פאנאנדערלאזענד; אן אויפלעזונגס-מיטעל [א מיטעל צו מאכען עפעס זאל צוגעהן].

resol'ver *n.* (רי-זאל'-ווער) איינער וואס בעשטימט, בעשליסט אדער נעהמט אן אן ענטשלוס; איינער וואס לעזט [א פראבלעם, א רעטעניש א. ז. וו.]; איינער וואס לעזט אויף, לאזט פאנאנדער אדער לעגט פאנאנדער אויף די בעשטאנד-טיילען; איינער וואס בעפרייט פון פערלעגענהייטען, שוועריגקייטען, צווייפעל א. ז. וו.

res'onance *n.* (רעז'-א-נענס) רעזאנאנץ, די פערלענגערונג אדער פערשטארקונג פון א קלאנג דורך דעם מיטקלאנג פון אנדערע קערפער וואס ווערט אין זיי ארויסגערופען [ווי דער קלאנג פון א סטרונע ווערט פערשטארקט און פערלענגערט דורך דעם מיטקלאנג פון דעם האלץ פון פידעל]; א מיטקלאנג; א ווידערקלאנג, אן אבקלאנג, א נאכקלאנג, אן עכא, א ווידער-קול; אין מעדיצין — דער קלאנג וואס הערט זיך פון דער ברוסט בעת מען רעדט.

res'onance-box *n.* (רעז'-א-נענס-באקס) דער רעזאנאנץ-קאסטען [א פערטיפונג אדער אויסהויילונג פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וואס פערשטארקט דעם קלאנג].

res'onant *a. and n.* (רעז'-א-נענט) וואס האט א רעזאנאנץ, וואס האט א מיטקלאנג; אבקלינגענד, וואס האט אן אבקלאנג; וואס ווערט ארויסגערעדט דורך דער נאז; א נאז-קלאנג.

res'onantly *adv.* (רעז'-א-נענט-לי) מיט רעזאנאנץ; מיט אן אבקלאנג אדער נאכקלאנג.

res'onate *v.* (רעז'-א-נייט) אבקלינגען, האבען א רעזאנאנץ.

res'onator *n.* (רעז'-א-ניי-טאר) עטוואס וואס קלינגט אב; א רעזאנאטאר [אן אקוסטישער אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צו אנאליזירען קלאנגען]; א פארריכטונג צו א קלאוויר צו בעפרייען די קלאוויר-קלאנגען פון קרייצונגס-וויבראציאנען; אן עלעקטרישער אינסטרומענט וואס דיענט אויסצוגעפינען אויב עס איז פאראן וואו עס איז עלעקטרישער רעזאנאנץ [ד. ה. אויב עס זיינען ניטא קיין עלעקטרישע אויסשטראהלונגען פון א נאהנטען שטראם-קרייז].

resorb' *v.* (רי-סאהרב') צוריק אין זיך איינזויגען, אריינגעהמען אדער פערשלינגען.

resor'bent *a.* (רי-סאהר'-בענט) וואס זויגט אין זיך צוריק איין, וואס נעהמט אין זיך צוריק אריין, וואס פערשלינגט צוריק.

resorp'tion *n.* (רי-סאהרפ'-שאן) דאס צוריק-איינזויגען, דאס אריינגעהמען אין זיך אדער פערשלינגען.

resorp'tive *a.* (רי-סאהרפ'-טיוו) צוריק איינזויגענד, וואס איז שייך צו צוריק-איינזויגונג אדער צוריק-פערשלינגונג; וואס קומט פון צוריק-איינזויגונג.

resorp'tive fe'ver (רי-סאהרפ'-טיוו פיע'-ווער) א פיבער, וואס קומט דערפון, וואס דער קערפער זויגט צוריק איין גיפטיגע שטאפען, וועלכע ער טיילט אויס פון זיך.

resort' *v. and n.* (רי-זאהרט') 1. געהן, בעזוכען; 2. זיך בענעבען, זיך ווענדען; 3. דאס בענעבען זיך; ווענדונג; 4. איינער אדער עטוואס צו וועמען אדער צו וואס מען ווענדעט זיך [נאך הילף, שוץ א. ז. וו.]; שטיצע, צופלוכט; 5. א פערזאמלונג; געזעלשאפט; 6. א פלאץ וואס ווערט אפט בעזוכט, א פערזאמלונגס-פלאץ.

1. I resort in this restaurant. 2. Unable to bear the violence any longer, the people resorted to revolt. 4. You are my only resort. 6. Coney Island is the favorite summer resort of New York's pleasure seekers.

resort' *v.* (רי-סאהרט') איבערזארטירען, ווידער זארטירען.

resort'er *n.* (רי-זאהרט'-ער) אן אפטער אריינגעהער אדער בעזוכער; איינער וואס ווענדעט זיך. ז. ***resort***

resound' *v.* (רי-סאונד') ווידערהאלען; קלינגען אדער ארויסברייננגען קלאנגען, נאכנאנאנד קלינגען אדער ארויסברייננגען קלאנגען.

The trumpet sounded and resounded.

resound' *v. and n.* (רי-זאונד') אבקלינגען, ארויסגעבען אדער האבען א ווידער-קלאנג, צוריקקלינגען; הויך קלינגען; צוקלינגען אדער פאנאנדערשרייען אימעצענס שבחים; אן אבקלאנג, א ווידער-קול, אן עכא.

resoun'der *n.* (רי-זאונ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס קלינגט אב אדער ברייננגט ארויס א ווידער-קלאנג.

resource' *n.* (רי-סאורס') 1. א הילפס-קוועלע, א הילפס-מיטעל; עטוואס צו וואס מען קען זיך ווענדען נאך הילף; 2. א מיטעל, וואס איז נאך ביז יעצט ניט בענוצט געווארען; 3. פעהיגקייט זיך אן עצה צו געבען אדער זיך צו העלפען.

1. There seems to be no resource for this trouble. 2. Oxygen was used as a last resource to save the patient.

resource'ful *a.* (רי-סאורס'-פול) וואס האט א סך רעסורסען, הילפס-קוועלען אדער הילפס-מיטלען; ערפינדעריש, וואס קען זיך אן עצה געבען.

resource'fulness *n.* (רי-סאורס'-פול-נעס) דאס האבען א סך רעסורסען, הילפס-קוועלען אדער הילפס-מיטלען; דאס זיין ערפינדעריש, דאס קענען זיך אן עצה געבען.

resource'less *a.* (רי-סאורס'-לעס) אהן רעסורסען, אהן הילפסמיטלען אדער הילפס-קוועלען; אהן אן אויסוועג.

resour'ces *n.* (רי-סאור'-סעז) 1. רעסורסען, געלד-מיטלען, הילפס-מיטלען; 2. אויפטהועכצען [זיך צו העלפען]; 3. פעהיגקייטען [זיך אן עצה צו געבען, זיך ארויסצודרעהען]; 4. נאטירליכע רייכטהימער.

3. He is a man of many resources. 4. America is a land of inexhaustible resources.

resow' *v.* (רי-סאו') ווידער זייהען, נאך אמאל זייהען.

respeak' *v.* (רי-ספיק') ווידער רעדען, ווידער זאגען; ווידערהאלען; ענטפערען.

respect' *v. and n.* (רי-ספעקט') רעספעקטירען, אכטען, שעצען; האבען א שייכות, זיך בעציהען [אויף עפעס]; נעהמען אין אנבעטראכט, בעטראכטען, שענקען אויפמערקזאמקייט, אין זינען האבען; רעספעקט; אכטונג, שעצונג; דאס נעהמען אין אכט; אנבעטראכט; ריקזיכט; גוט-אכטונג, נגאד; פארטייליכקייט; נשיאות פנים; רעפוטאציע; מאטיוו, גרונד; הינזיכט; בעצוג, שייכות.

respectabil'ity *n.* (רי-ספעק-טע-ביל'-אי-טי) רעספעקטאבעליטעט, אכטונגס-ווירדינקייט; רעספעקטאבעלע האלטונג; א רעספעקטאבעלער מענש, א מענש וואס פערדיענט אכטונג; דאס האלטען זיך שטרענג צו די אנגענומענע כללים פון אויפפיהרונג [אין פערעכטליכען זין].

respec'table *a.* (רי-ספעק'-טעבל) עהרווירדיג; וואס פערדיענט אכטונג; געאכטעט; אנשטענדיג, רעספעקטאבעל; וואס האט א גוטען נאמען; וואס האלט זיך אן די געוועהנליכע אנגענומענע כללים פון אויפפיהרונג [אין פערעכטליכען זין]; נישקשה'דיג, גאנץ פיין, גאנץ גוט.

respec'tableness *n.* (רי-ספעק'-טעבל-נעס) ז. ***respectability***

respec'tably *adv.* (רי-ספעק'-טע-בלי) מיט רעספעקט, מיט אכטונג; גאנץ נישקשה'דיג.

respect' a per'son (רי-ספעקט' ע פויר'-סאן) זיין פארטייאיש [צו גוטען אדער צו שלעכטען].

Thou shalt not respect the person of the poor, nor honor the person of the mighty.

respec'ter *n.* (רי-ספעק'-טער) איינער וואס איז פארטייאיש, איינער וואס איז נושא פנים.

He is no respecter of persons.

respect'ful *a.* (רי-ספעקט'-פול) אכטונגספול; מיט דרך ארץ; מיט רעספעקט; העפליך.

respect'fully *adv.* (רי-ספעקט'-פול-אי) מיט אכטונג, מיט רעספעקט, אכטונגספול.

respect'fulness *n.* (רי-ספעקט'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט דרך ארץ, רעספעקט אדער אכטונג; העפליכקייט.

respec'ting *prep.* (רי-ספעק'-טינג) 1. נעהמענדיג אין אנבעטראכט; 2. אין בעצוג צו..., בנוגע צו...

2. I wrote you the other day respecting the plans I was to submit to you.

respec'tive *a.* (רי-ספעק'-טיוו) רעס-

פעקטיוו, אייגענער, בעזונדערער, וואס איז שייך צו יעדען בעזונדער.
The agreement was submitted to a referendum of the respective organizations.

respec'tively *adv.* (רי-ספעק'-טיוו-לי) רעספעקטיוו, אין בעצוג צו יעדען בעזונדער.
John, James and Charles are aged 7, 9 and 11 respectively.

respect'less *a.* (רי-ספעקט'-לעס) אהן אכטונג; אהן ריקזיכט, ניט נעהמענדיג אין אנבעטראכט.

respell' *v.* (רי-ספעל') אויסלעגען [א ווארט] נאך אמאל אדער אויף אן אנדער אופן.

respirabil'ity *n.* (רי-ספאיר-ע-ביל'-אי-טי) צוגעפאסטקייט צום איינאטעמען, דאס קענען איינגעאטעמט ווערען.

respir'able *a.* (רי-ספאיר'-עבל) וואס קען איינגעאטעמט ווערען.

respir'ableness *n.* (רי-ספאיר'-עבל-נעס) ז. *respirability*.

respira'tion *n.* (רעס-פי-ריי'-שאן) אטעמונג, דאס אטעמען; דער גערויש אין די לונגען ביים אטעמען.

respira'tional *a.* (רעס-פי-ריי'-שאנ-על) ז. *respiratory*.

respir'ative *a.* (רי-ספאיר'-ע-טיוו) וואס דיענט צום אטעמען.

res'pirator *n.* (רעס'-פי-ריי-טאר) א רעספיראטאר אדער לונגען=בעשיצער [א בעשיצונג אויף'ן מויל און אויף דער נאז צו פערהיטען די לונגען פון קאלטער לופט און פון שעדליכע שטאפען].

respir'atory *a.* (רי-ספאיר'-ע-טא-רי) וואס איז שייך אדער דיענט צום אטעמען.

respir'atory mur'mur (רי-ספאיר'-ע-טא-רי מויר'-מויר) ז. *respiratory sounds*.

respir'atory sounds (רי-ספאיר'-ע-טא-רי סאונדז) דער גערויש אין די לונגען ביים אטעמען.

respire' *v.* (רי-ספאיר') אטעמען; איינאטעמען, אויסאטעמען.

respir'ing *n.* (רי-ספאיר'-אינג) אטעמונג; אן אטעם=צוג.

respirom'eter *n.* (רעס-פי-ראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די אטעמונג; א מין אפאראט צו בעווארנען מיט לופט א וואסער=טויכער.

res'pite *n. and v.* (רעס'-פיט) צייטווייליגע רוה, א פויזע, אן אבשטעל; אן אבשטעלונג, אן אטסראטשקע; א רעספירא [אבלעגונג, אטסראטשקע פון אן אבצאהלונג]; אן אבלעגונג פון דער אויספיהרונג פון אן אורטייל; אן אטסראטשקע פאר געריכטס=געשווארענע צו ערשיינען אין געריכט; אבלעגען; אבלעגען די אויספיהרונג פון א שטראף; געבען צייטווייליגע רוה אדער אברוה.

res'piteless *a.* (רעס'-פיט-לעס) אהן אברוה, אהן אן אבשטעל, אהן אבלעגונג.

resplend' *v.* (רי-ספלענד') אבגלאנצען, גלאנצען.

resplend'ence *n.* (רי-ספלענד'-ענס) אן אבגלאנץ, א העלער גלאנץ.

resplend'ency *n.* (רי-ספלענד'-ענ-סי) ז. *resplendence*.

resplend'ent *a.* (רי-ספלענד'-ענט) העל=גלענצענד.

resplend'ently *adv.* (רי-ספלענד'-ענט-לי) מיט אן אבגלאנץ.

respond' *v. and n.* (רי-ספאנד') ענטפערען; ענטשפרעכען, פאסען, צופאסען; פעראנטווארטליך זיין [פאר א שאדען, האנדלונג א. ד. ג.], בעצאהלען, בעפריעדיגען; א רעספאנסאריום [א קירכען=געזאנג וואס אונטערברעכט דאס לעזען א קאפיטעל פון דער ביבעל אין מיטען]; אין ארכיטעקטור — א וואנד=זייל, א האלב=זייל.

respon'dence *n.* (רי-ספאנ'-דענס) דאס ענטפערען; דאס זיין ענטשפרעכענד אדער צוגעפאסט.

respon'dency *n.* (רי-ספאנ'-דענ-סי) ז. *respondence*.

respon'dent *a. and n.* (רי-ספאנ'-דענט) ענטפערענד; ענטשפרעכענד, צוגעפאסט, וואס איז לויט...; איינער וואס ענטפערט אין א וכוח [דיספוט] די אפאנענטען; איינער וואס דארף זיך פערענטפערען אויף א קלאגע, אן אנגעקלאגטער.

responden'tia *n.* (רעס-פאנ-דענ'-שי-א) א הלואה אויף די לאדונג פון א שיף, וואס ווערט געגעבען אלס משכון.

respon'der *n.* (רי-ספאנ'-דער) איינער וואס דארף זיך פערענטפערען אויף א קלאגע; אן אנגעקלאגטער.

respon'sal *n.* (רי-ספאנ'-סעל) אן ענטפער; א פסוק אדער א ווארט, מיט וועלכען דער כאר האלט אונטער דעם גלח ביי א קירכליכער גאטעסדיענסט.

response' *n.* (רי-ספאנס') אן ענטפער, א תשובה; אן ענטפער פון א אראקעל; א פסוק אדער ווארט, מיט וועלכען א קירכען=כאר ענטפערט אב דעם גלח.

responsibil'ity *n.* (רי-ספאנ-סי-ביל'-אי-טי) פעראנטווארטליכקייט; פערפליכטונג; צאהלונגס=פעהיגקייט.

respon'sible *a.* (רי-ספאנ'-סיבל) 1. פעראנטווארטליך; 2. צאהלונגס=פעהיג.
1. A rational person is responsible for his acts. 2. The goods were sold to a responsible firm.

respon'sibleness *n.* (רי-ספאנ'-סיבל-נעס) פעראנטווארטליכקייט.

respon'sibly *adv.* (רי-ספאנ'-סי-בלי) אויף א פעראנטווארטליכען אופן.

respon'sion *n.* (רי-ספאנ'-שאן) דאס ענטפערען; א בעאנטווארטונג.

respon'sive *a.* (רי-ספאנ'-סיוו) 1. ענטשפרעכענד, וואס איז אין איינקלאנג; 2. וואס ענטפערט, וואס רופט זיך אב; 3. ענטפערענד; וואס ענטהאלט אן ענטפער; אין יוריספרודענץ — וואס ענטהאלט אן ענטפער וואס איז צו דער זאך; וואס בעשטעהט פון ווערטער אדער פסוקים, מיט וועלכע א קירכען=כאר האלט אונטער דעם גלח [וועגען א קריסטליכער גאטעסדיענסט].
1. The orator's appeal met a responsive chord in the audience. 2. A good citizen is always responsive to the call of duty.

respon'sively *adv.* (רי-ספאנ'-סיוו-לי) אויף אן ענטשפרעכענדען אופן; זייענדיג אין איינקלאנג; ענטפערענדיג; ענטהאלטענדיג אן ענטפער.

respon'siveness *n.* (רי-ספאנ'-סיוו-נעס) דאס זיין ענטשפרעכענד, דאס זיין אין איינקלאנג.

responso'rium *n.* (רעס-פאנ-סאו'-רי-אם) א פסאלם אדער פסוקים פון תהלים וואס ווערט געזונגען ביי א קאטוילישער מעסע [גאטעסדיענסט].

respon'sory *a. and n.* (רי-ספאנ'-סא-רי) וואס ענטהאלט אן ענטפער; א פסאלם אדער פסוקים פון תהלים וואס ווערט געזונגען ביי א קאטוילישער מעסע [א גאטעסדיענסט].

rest *v. and n.* (רעסט) רוהען; אויסרוהען; זיין רוהיג; שלאפען; איינשלאפען דעם אייביגען שלאף, זיין טויט; ניט בעארבייט ווערען, בלייבען ניט בעארבייט [וועגען לאנד]; זיך שטיצען אדער אנלעהנען אויף עפעס; באזירען, זיך בעגרינדען; בלייבען; פערבלייבען; איבערבלייבען; בלייבען רוהיג; בלייבען צופריעדען; זיך פערלאזען אדער פערטרויען אויף עפעס אדער אימעצען; אין געריכטס=פיהרונג — ענדיגען אדער אויפהערען פארצובריינגען עדות; לאזען זיך אברוהען, געבען רוה; בערוהיגען; שטיצען; לאזען; פארלעגען אימעצענס א משפט; רוה; פריעדען, שטילקייט; שלאף; טויט; א רוה=ארט; אן אבשטעל=ארט; דאס שטעהן בלייבען; א שטיצע, עטוואס אויף וואס מען שטיצט זיך אדער לעהנט זיך אן, עטוואס וואס דיענט אלס שטיצע; א שטיץ=פונקט; א באזיס, א פונדאמענט; אן אבשטעל אין לעזען; אין מוזיק — א פויזע, א רוה=פונקט, א צייכען אין נאטען וואס צייגט אן א פויזע; דאס וואס בלייבט איבער; א רעשט; דאס איבעריגע; דער באלאנס אדער דער דיפערענץ פון א רעכנונג.

res'tant *a.* (רעס'-טענט) בלייבענד.

restate' *v.* (רי-סטייט') ווידער פארמולירען, נאך אמאל פעסטשטעלען; ווידערהאלען.
He restated the charge.

restate'ment *n.* (רי-סטייט'-מענט) א ווידערהאלטע פארמולירונג אדער פעסטשטעלונג פון פאקטען אדער מיינונגען אין דערזעלבער אדער א נייער פארם.

res'taurant *n.* (רעס'-טא-רענט) א רעסטאראן, א גארקיך.

res'taurant-car *n.* (רעס'-טא-רענט-קאר) א האטעל=וואגאן, א שפייז=וואגאן.

restaurateur' *n.* (רעס-טאו-רע-טויר') א רעסטאראטאר, אן אייגענטימער פון א רעסטאראן.

rest'-cure *n.* (רעסט'-קיור) א רוה=קור [די בעהאנדלונג פון א קראנקהייט, ווי נערוועזיטעט למשל, דורך רוה].

restem' *v.* (רי-סטעם') צוריקטרייבען, טרייבען אנטקעגען דעם שטראם.

rester'ilize *v.* (רי-סטער'-איל-איז) נאך אמאל סטעריליזירען [צושטערען דורך א געוויסען פראצעס מיקראבען אדער באצילען].

rest'ful *a.* (רעסט'-פול) וואס גיט רוה; רוהיג; שטיל.

rest'fully *adv.* (רעסט'-פול-אי) אין א צושטאנד פון רוה; רוהיג, שטיל.

rest'fulness *n.* (רעסט'-פול-נעס) רוהיגקייט.

rest'-har'row *n.* (רעסט'-הער'-או) אזא שטעכיגער שטרויך [קוסט] וואס האט פערצווייגטע, הארטע און פערפלאכטענע ווארצלען, וועלכע שטערען דעם אקער=אייזען דורכצושניידען די ערד.

rest'house *n.* (דעסט'-האוס) א לעדיגעס איינפאהר=הויז אין אינדיען וואו רייזענדע שטעלען זיך אב אויף א קורצער צייט זיך אבצורוהען.

res'tiform *a.* (רעס'-טי-פארם) שנור=פערמיג, ווי א שנירעל.

res'tily *adv.* (רעס'-טי-לי) אויף א הארטנעקיגען אופן; מיט עקשנות, מיט איינגעשפארטקייט.

res'ting-place *n.* (רעס'-טינג-פלייס) א רוה=פלאץ, א סטאנציע אויף'ן וועג; א טרעפען=אבזאץ [א רוה=פלאץ אויף די טרעפ פון א הויז]; דאס ארט פון אייביגער רוה, דער קבר.

res'ting-stage *n.* (רעס'-טינג-סטיידזש)

די רוה-פעריאדע אין דעם וואוקס פון א פלאנצע.

restip'ulate *v.* (רי-סטיפ'-יו-לייט) ווידער מאכען בעדינגונגען, פון דאס ניי אבמאכען.

res'titute *v.* (רעס'-טי-טיוט) צוריקברייינגען צו דעם פריהערען צושטאנד.

restitu'tion *n.* (רעס-טי-טיו'-שאן) דאס אומקעהרען אדער בעצאהלען דעם שאדען; דאס אומקעהרען די פערלארענע רעכטע א. ד. ג.; דאס אומקעהרען צום פריהערען צושטאנד; אין פיזיק — די אייגענשאפט פון עלאסטישע קערפער צוריקצוקעהרען זיך צו זייער פריהעריגער פארם, נאכדעם ווי מען האט זיי צונויפגעפרעסט.

res'titutive *a.* (רעס'-טי-טיו-טיוו) צוריקקעהרענד צו דעם פריהערינען צושטאנד.

res'titutor *n.* (רעס'-טי-טיו-טאר) א צוריקקעהרער; איינער וואס קעהרט צוריק אום צו דעם פריהריגען צושטאנד.

res'tive *a.* (רעס'-טיוו) 1. וואס וויל זיך ניט ריהרען פון ארט; 2. איינגעשפארט, איינגע'עקשנ'ט; 3. ווידערשפעניג; 4. אונרוהיג; 5. וואס וויל ניט איינשטעהן אויף אן אקט [וועגען א פערד].

2. The patient is very **restive** and refuses to take nourishment. 4. We are all apt to be **restive** under criticism. 5. The horses are very **restive** in this hot weather.

res'tively *adv.* (רעס'-טיוו-לי) אויף אן איינגע'עקשנ'טען אופן; ניט וועלענדיג זיך ריהרען פון ארט; ווידערשפעניג; ניט וועלענדיג איינשטעהן אויף אן ארט [וועגען א פערד].

res'tiveness *n.* (רעס'-טיוו-נעס) איינגעשפארטקייט, איינגע'עקשנ'טקייט, דאס ניט וועלען ריהרען זיך פון ארט; ווידערשפעניגקייט; דאס ניט וועלען איינשטעהן אויף אן ארט [וועגען א פערד].

rest'less *a.* (רעסט'-לעס) רוהלאז; שלאפלאז; וואס רוהט ניט, בעוועגליך, ריהרעוודיג; אונרוהיג; אונצופריעדען; וואס קען ניט איינרוהען אויף אן ארט.

rest'lessly *adv.* (רעסט'-לעס-לי) אויף אן אונרוהיגען אופן; רוהלאז.

rest'lessness *n.* (רעסט'-לעס-נעס) אונרוהיגקייט; שלאפלאזיגקייט.

restor'able *a.* (רי-סטאור'-עבל) וואס קען צוריקגעבראכט ווערען צו דעם פריהריגען צושטאנד, וואס קען צוריק געמאכט ווערען ווי עס איז געוועזן פריהער.

restor'ableness *n.* (רי-סטאור'-עבל-נעס) דאס קענען צוריקגעבראכט ווערען צו דעם פריהריגען צושטאנד; דאס קענען בענייט ווערען.

Restora'tion *n.* (רעס-טא-ריי'-שאן) די רעסטאוראציאן, די צוריקקעהרונג פון אן אראבגעווארפענער דינאסטיע צו דער הערשאפט [אין ענגלאנד — די צוריקקעהרונג פון קארל דעם 2טען צו דער הערשאפט אין יאהר 1660 נאך קראמוועל'ס טויט. אין פראנקרייך — די צוריקקעהרונג פון דער בורבאנישער דינאסטיע צו דער הערשאפט אין יאהר 1814 נאך דער ענדגילטיגער נידערלאגע פון נאפאלעאן דעם 1טען]; די צוריקקעהרונג פון די אידען פון גלות בבל אין ארץ ישראל.

restora'tion *n.* (רעס-טא-ריי'-שאן) דאס צוריקקעהרען צו דעם פריהריגען צושטאנד; דאס מאכען ווי עס איז פריהער געוועזן; דאס ווערען צוריק געזונד, דאס אומקעהרען זיך צו די פריהריגע קרעפטען; דאס בענייען; בענייאונג; עטוואס וואס איז צוריקגעבראכט געווארען צו דעם פריהריגען צושטאנד [ווי אן אלט בילד אדער אלטע געביידע, וואס ווערט אבגעפרישט]; די צוריקקעהרונג פון דער מענשהייט צו זינדלאזיגקייט און צו גאט'ס גנאדען.

restora'tioner *n.* (רעס-טא-ריי'-שאנ-ער) ז. *restorationist*

restora'tionism *n.* (רעס-טא-ריי'-שאנ-איזם) דאס גלויבען אין דער צוריקקעהרונג פון דער מענשהייט צו זינדלאזיגקייט און צו גאט'ס גנאדען.

restora'tionist *n.* (רעס-טא-ריי'-שאנ-איסט) איינער וואס גלויבט אין דער צוריקקעהרונג פון דער מענשהייט צו זינדלאזיגקייט און צו גאט'ס גנאדען.

restor'ative *a. and n.* (רי-סטאור'-ע-טיוו) וואס קעהרט אום צום פריהריגען צושטאנד; וואס קעהרט אום צוריק די פערלארענע כחות; וואס בענייט, וואס שטארקט אדער קרעפטיגט; א שטארקונגס-מיטעל, א מיטעל וואס קעהרט אום צוריק די פערלארענע כחות.

restor'atively *adv.* (רי-סטאור'-ע-טיוו-לי) בענייענדיג אדער צוריקקעהרענדיג די קרעפטען.

restore' *v.* (רי-סטאור') 1. צוריקברייינגען צו דעם פריהריגען צושטאנד אדער פלאץ; 2. איבערבויען; מאכען עס זאל אויסזעהן ווי פריהער; בענייען, פעררריכטען, אז עס זאל אויסזעהן ווי אמאל [ווי אן אלט בילד אדער אלטע געביידע]; 3. צוריקברייינגען אין עקזיסטענץ אדער ווירקונג; צוריק אויפשטעלען; 4. צוריקברייינגען; אומקעהרען; אומקעהרען דעם שאדען; 5. בעפריעדיגען, בעצאהלען; 6. צוריקברייינגען צו די פריהריגע כחות, אויסהיילען; צוריקקעהרען צום לעבען; 7. וויעדער ברייינגען [די סחורה] אויף לאגער.

2. The building was **restored** to its original appearance. 4. I shall **restore** any loss you sustain. 6. His health is completely **restored**.

restore' in blood (רי-סטאור' אין בלאד) ז. *restore to blood*

restor'er *n.* (רי-סטאור'-ער) אן אומקעהרער, איינער וואס קעהרט אום צוריק צו דעם פריהריגען צושטאנד; איינער וואס שטעלט אויף פון דאס ניי; א בענייער, א פעררריכטער, אן איבערבויער.

restore' to blood (רי-סטאור' טו בלאד) אומקעהרען די צוגענומענע פריווילעגיעס וואס איינער האט לויט געבורט, יחוס אדער ראנג.

restrain' *v.* (רי-סטריין') איינהאלטען, אבהאלטען, צוריקהאלטען; שטערען, הינדערען; האלטען אין צוים; בעשרענקען, בעגרענעצען; ניט דערלאזען.

restrai'nable *a.* (רי-סטריי'-נעבל) וואס קען צוריקגעהאלטען, אבגעהאלטען אדער איינגעהאלטען ווערען.

restrai'nedly *adv.* (רי-סטריי'-נעד-לי) מיט בעשרענקונג, איינשרענקענדיג, אבהאלטענדיג, איינהאלטענדיג.

restrai'ner *n.* (רי-סטריי'-נער) א צוריקהאלטער, אן איינשרענקער, איינער וואס האלט צוריק אדער האלט אב; איינער אדער עטוואס וואס דערלאזט ניט אדער האלט איין.

restrai'ning *a.* (רי-סטריי'-נינג) איינשרענקענדיג; ניט דערלאזענדיג, אבהאלטענדיג, איינהאלטענדיג.

restrain'ment *n.* (רי-סטריינ'-מענט) א צוריקהאלטונג, אן אבהאלטונג, א הינדערונג.

restraint' *n.* (רי-סטריינט') א צוריקהאלטונג, אן אבהאלטונג; א הינדערונג; א שטערונג; אן איינשרענקונג, א בעשרענקונג; פרייהייטס-בעשרענקונג; בעדריקונג, אונטערדריקונג; א פערבאט.

restraint' of trade (רי-סטריינט' אוו טרייד) בעשרענקונג פון פרייער קאנקורענץ.

restrength'en *v.* (רי-סטרענגטה'ן) ווידער שטארק מאכען.

restrict' *v.* (רי-סטריקט') בעשרענקען; בעגרענצען.

restric'tedly *adv.* (רי-סטריק'-טעד-לי) מיט בעשרענקונג, מיט בעגרענצונג.

restric'tion *n.* (רי-סטריק'-שאן) 1. א בעשרענקונג, אן איינשרענקונג, א בעגרענצונג; 2. א בעדינגונג אדער תנאי וואס בעגרענעצט יענעמס רעכט.

1. Many citizens favor the **restriction** of the right of suffrage. 2. The property was sold under **restrictions**.

restric'tionist *n.* (רי-סטריק'-שאנ-איסט) אן אנהענגער פון בעשרענקונגען אדער בעגרענצונגען [איינער וואס איז געוועזן פאר דער בעשרענקונג פון שקלאפעריי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; איינער וואס איז פאר דער בעשרענקונג פון אלקאהאל-פערקויף; איינער וואס איז פאר דער בעשרענקונג פון פרייען איינפוהר פון אויסלענדישע סחורות אין לאנד, אן אנהענגער פון שוץ-צאל].

restric'tive *a.* (רי-סטריק'-טיוו) איינשרענקענד, בעשרענקענד; וואס בעגרענעצט אדער בעשרענקט; וואס איז גענייגט צו בעשרענקונגען.

restric'tively *adv.* (רי-סטריק'-טיוו-לי) מיט בעשרענקונגען, מיט בעגרענצונגען; אין א בעשרענקטען אדער בעגרענעצטען זין.

restric'tiveness *n.* (רי-סטריק'-טיוו-נעס) בעשרענקונג, בעגרענצונג.

restrike' *v.* (רי-סטראיק') נאך אמאל שלאגען; איבערשטעמפלען אן אלטע מטבע צו מאכען פון איהר א נייע.

restrin'gent *a. and n.* (רי-סטרינ'-דזשענט) איינשרעקענד; צוזאמענציהענד; א צוזאמענציהנדער מיטעל.

rest upon' (רעסט א-פאן') 1. זיך שטיצען אדער אנלעהנען אויף עפעס; 2. באזירען אדער זיין געגרינדעט אויף עפעס; 3. זיך פערלאזען אויף אימעצען; 4. צופריעדען זיין מיט עפעס, זיך צופריעדענשטעלען.

2. The verdict of the jury **rests upon** testimony of reputable witnesses. 3. I **rest upon** you to help me out. 4. He **rests upon** his laurels.

rest upon' one's oars (רעסט א-פאן' הוואנז אורז) זיך אויסרוהען, זיך מאכען א יום טוב.

rest with (רעסט הוויטה) אבהענגיג זיין פון עטוואס אדער פון אימעצען; זיין ביי אימעצען אין די הענד.

The candidate's future **rests with** the voters.

resubject' *v.* (רי-סאב-דזשעקט') ווידער אונטעריאכען, ווידער אונטערווארפען.

resubjec'tion *n.* (רי-סאב-דזשעק'-שאן) א נאכאמאליגע אונטעריאכונג; דאס אונטעריאכען אדער אונטערווארפען פון דאס ניי.

resublime' *v.* (רי-סאב-לאים') נאך אמאל סובלימירען [לאזען פערדאמפפען א פעסטען שטאף אום איהם אבצושיידען פון א שטאף וואס לאזט זיך ניט פערדאמפפען].

result' *v. and n.* (רי-זאלט') ארויסקומען אלס רעזולטאט; ענטשטעהען, ארויסקומען; א פאלגע; א רעזולטאט; א פועל יוצא; אן ענטשיידונג; א שלום.

resul'tance *n.* (רי-זאל'-טענס) א רע-זולטאט, א פועל יוצא.

resul'tant *a. and n.* (רי-זאל'-טענט) רעזולטירענד, וואס קומט ארויס, וואס איז א פועל יוצא, וואס איז א רעזולטאט; עטוואס וואס פאלגט אלס רעזולטאט; א רעזולטירענדע קראפט [די קראפט וואס בעקומט זיך אלס פועל יוצא אדער רעזולטאט פון דער ווירקונג פון פערשיעדענע קרעפטע].

result'ful *a.* (רי-זאלט'-פול) ערפאלג-רייך.

result' in (רי-זאלט' אין) זיך ענדיגען מיט...

The agitation for pure food laws will result in much good.

result'less *a.* (רי-זאלט'-לעס) רעזול-טאטלאז, אהן א רעזולטאט, אהן ערפאלג.

result'lessness *n.* (רי-זאלט'-לעס-נעס) רעזולטאטלאזיגקייט, ערפאלגלאזיג-קייט.

resu'mable *a.* (רי-זיו'-מעבל) וואס קען צוריקגענומען ווערען; וואס קען צו-ריק אויפגענומען אדער אנגעהויבען ווע-רען.

resume' *v.* (רי-זיום') צוריק נעהמען; ווידער אויפנעהמען, ווידער אנהויבען, ווידער נעהמען זיך צו עפעס; ווידער פארטזעצען.

résumé' *n. and v.* (ריי-זיו-מיי') א רעזיומע, א סך-הכל; רעזיומירען, ווידער-האלטען אין קורצען.

resum'mon *v.* (רי-סאמ'-אן) אויפ-פאדערען נאך אמאל, ווידער פאררופען אדער פארלאדען; צוריקרופען.

resum'mons *n.* (רי-סאמ'-אנז) א נאכ-אמאליגע איינלאדונג [צום געריכט].

resump'tion *n.* (רי-זאמפ'-שאן) דאס ווידער אויפנעהמען; דאס צוריקנעהמען; דאס צוריקנעהמען דאס לאנד אדער פרי-ווילעגיעס וואס איז פון שטאאט צו איינ-צעלנע געגעבען געווארען; דאס ווידער אנ-פאנגען פון דער רעגירונג צו צאהלען מיט מזומן אדער מטבעות.

resump'tive *a.* (רי-זאמפ'-טיוו) ווי-דער צוריקנעהמענד; וואס נעהמט ווידער אויף.

resu'pinate *a.* (רי-סיו'-פי-נייט) אי-בערגעקעהרט; מיט'ן קאפ אראב.

resu'pinated *a.* (רי-סיו'-פי-ניי-טעד) ז. ***resupinate***.

resupina'tion *n.* (רי-סיו-פי-ניי'-שאן) דאס זיין איבערגעקעהרט.

resupine' *a.* (רי-סיו-פאין') ליגענד אויף דעם רוקען.

resupply' *v.* (רי-סא-פלאי') ווידער פערזארגען מיט...

resurge' *v.* (רי-סוירדזש') ווידער אויפשטעהן, אויפשטעהן תחית המתים.

resur'gence *n.* (רי-סויר'-דזשענס) דאס ווידער-אויפשטעהן, דאס אויפשטעהן תחית המתים.

resur'gent *a. and n.* (רי-סויר'-דזשענט) וואס שטעהט ווידער אויף, וואס שטעהט אויף תחית המתים; איינער וואס שטעהט אויף תחית המתים.

resurprise' *n. and v.* (רי-סויר-פראיז') א נייע איבעררראשונג, א פרישער סור-פריז; פון דאס ניי איבערראשען.

resurrect' *v.* (רעז-א-רעקט') ווידער לעבעדיג מאכען, דערוועקען פון טויט; אויסגראבען פון קבר.

resurrec'tion *n.* (רעז-א-רעק'-שאן) תחית המתים; דאס אויפשטעהן תחית המתים; די וועלט נאך תחית המתים [לעתיד לבוא]; דאס אויפלעבען פון דאס ניי; דאס אויסגראבען פון קבר.

resurrec'tionary *a.* (רעז-א-רעק'-שאנ-ע-רי) וואס לעבט ווידער אויף, וואס מאכט צוריק לעבעדיג; וואס גראבט אויס פון קבר.

resurrec'tionist *n.* (רעז-א-רעק'-שאנ-איסט) איינער וואס גנב'עט מתים פון קברים; איינער וואס גראבט עפעס ארויס פון א לאנגער בעהעלטעניש.

resurrec'tionize *v.* (רעז-א-רעק'-שאנ-איז) ארויס'גנב'ענען פון קבר; ווידער לעבעדיג מאכען.

resurrec'tion-man *n.* (רעז-א-רעק'-שאן-מען) איינער וואס גנב'עט טויטע קערפער פון קבר.

resurvey' *v. and n.* (רי-סויר-וויי') ווידער דורכזעהן; ווידער דורכקוקען אדער דורכלערנען; ווידער בעקוקען; ווידער אויסמעסטען; דאס דורכקוקען נאך אמאל; א נייע מעסטונג.

resus'citable *a.* (רי-סאס'-אי-טעבל) וואס קען ווידער לעבעדיג געמאכט ווע-רען.

resus'citate *v.* (רי-סאס'-אי-טייט) 1. ווידער לעבעדיג מאכען, ווידער בע-לעבען; 2. לעבעדיג ווערען, אויפלעבען פון דאס ניי; אויפשטעהן תחית המתים.

1. They resuscitated the drowned man.

resuscita'tion *n.* (רי-סאס-אי-טיי'-שאן) די ווידער-בעלעבונג; דאס אויפ-לעבען פון דאס ניי; דאס אויפשטעהן תחית המתים.

resus'citative *a.* (רי-סאס'-אי-טיי-טיוו) וואס דערוועקט צום נייען לעבען, וואס מאכט ווידער לעבעדיג.

resus'citator *n.* (רי-סאס'-אי-טיי-טאר) איינער וואס מאכט ווידער לעבע-דיג.

ret *v.* (רעט) איינגעצען, איינווייקען [פלאקס].

retail' *v.* (רי-טייל') 1. פערקויפען אין דעטאיל, פערקויפען איינציגווייז אדער צו ביסלאך, פערקויפען לאחדים; 2. אי-בערדערצעהלען.

1. The peddler retails his goods. 2. It is a bad habit to retail slanderous tales.

re'tail *n. and a.* (רי'-טייל) דעטאיל-פערקויף, איינצעל-פערקויף; וואס איז שייך צו איינצעל-פערקויף.

re'tail dea'ler (רי'-טייל דיע'-לער) א דעטאיל-פערקויפער, א לאחדים'ניק, אן איינצעל-פערקויפער.

retail'er *n.* (רי-טייל'-ער) א דעטאיל-פערקויפער, א לאחדים'ניק; אן איינצעל-פערקויפער; אן איבערדערצעהלער.

retail'ment *n.* (רי-טייל'-מענט) לאחדים-פערקויף, איינצעל-פערקויף.

retain' *v.* (רי-טיין') האלטען; האל-טען אין בעזיץ; אנהאלטען; האלטען אין זכרון, געדענקען; פערהאלטען; דינגען, נעהמען; געהערען, בעלאנגען.

retain'able *a.* (רי-טיינ'-עבל) וואס קען געהאלטען ווערען.

retain'er *n.* (רי-טיינ'-ער) איינער אדער עטוואס וואס האלט; איינער וואס האלט אין זכרון; א דינער; איינער וואס שטעהט אין דיענסט ביי א הויף-שטעהענ-דער פערזאן; איינער וואס איז פערדונ-גען אדער בעלאנגט צו א געוויסען פלאץ; איינער וואס געהט צוזאמען מיט אן אר-מעע צו טהאן געוויסע ארבייט און מוז זיך אונטערווארפען דער דיסציפלין פון דער ארמעע; געצאהלט, האנאראר; האנד-געלד וואס ווערט געגעבען צו אן אדוואקאט.

retain'ing *a.* (רי-טיינ'-אינג) האלטענ-דיג אין בעזיץ; וואס האלט; וואס דינגט.

retain'ing fee (רי-טיינ'-אינג פיע) האנד-געלד אדער דאס ערשטע האנאראר, וואס מען צאהלט אן אדוואקאט פאראויס.

retain'ing wall (רי-טיינ'-אינג וואהל) א שטיין-וואנד צו פערהיטען, אז אן ערד-מאסע זאל ניט אראבפאלען אדער זאל ניט אויסגעשווענקט ווערען פון וואסער.

retain'ment *n.* (רי-טיינ'-מענט) איינ-האלטונג, פערהאלטונג; דאס איינהאלטען אין זכרון, דאס געדענקען.

retake' *v.* (רי-טייק') 1. ווידער נעה-מען; 2. צוריקנעהמען; ווידער איינגעה-מען, ווידער פערכאפען.

2. The enemy's fleet was retaken.

reta'ker *n.* (רי-טיי'-קער) איינער וואס נעהמט צוריק דאס וואס מען האט ביי איהם צוגענומען.

retal'iate *v.* (רי-טעל'-אי-אייט) אב-טהאן צוריק, בעצאהלען מדה כנגד מדה, אבטהאן א רעה פאר א רעה.

If I am attacked, I shall surely retaliate.

retalia'tion *n.* (רי-טעל-אי-איי'-שאן) דאס בעצאהלען מדה כנגד מדה, דאס אב-טהאן א רעה פאר א רעה.

retal'iative *a.* (רי-טעל'-אי-איי-טיוו) וואס בעצאהלט מדה כנגד מדה, וואס טהוט אב א רעה פאר א רעה; וואס איז גע-נייגט צו נעהמען נקמה.

retal'iatory *a.* (רי-טעל'-אי-איי-טא-רי) צאהלענדיג מדה כנגד מדה, וואס איז גענייגט צו נעהמען נקמה.

retard' *v. and n.* (רי-טארד') פערצי-העז, אויפהאלטען, פערזאמען; אבלעגען; זיך פערשפעטיגען; א פערשפעטיגונג; אבלעגונג; א שטערונג.

retarda'tion *n.* (רי-טאר-דיי'-שאן) די פערציהונג, די פערשפעטיגונג; דאס אויפהאלטען, דאס אבלעגען; דאס וואס פערהאלט; א שטערונג.

retar'dative *a.* (רי-טאר'-דיי-טיוו) פערזאמענד, פערשפעטיגענד; אויפהאל-טענד; וואס שטערט.

retar'datory *a.* (רי-טאר'-דיי-טא-רי) וואס האלט אב, וואס לעגט אב, וואס האלט אויף; וואס שטערט; וואס מאכט לאנגזאמער אדער שוואכער [די בעוועגונג].

retar'ded mo'tion (רי-טאר'-דעד מאו'-שאן) געשווינדקייט, וואס ווערט אלץ קלענער און קלענער.

retar'der *n.* (רי-טאר'-דער) איינער אדער עפעס וואס פערציהט, האלט אויף אדער פערשפעטיגט; אן אבהאלט, א שטערונג, א הינדערניס.

retard'ment *n.* (רי-טארד'-מענט) דאס פערשפעטיגען, א פערשפעטיגונג, אן אב-האלט.

retch *v.* (רעטש) זיך אנשטרענגען צו ברעכען [פון איבעלקייט].

re'te *n.* (רי'-טי) אין אנאטאמיע — א געפלעכט פון נערוועז, בלוט-אדערען א. ד. ג.

rete'cious *a.* (רי-טי'-שאס) נעץ-פער-מיג.

retell' *v.* (רי-טעל') איבערדערצעהלען, איבערזאגען, ווידערהאלען.

reten'tion *n.* (רי-טענ'-שאן) דאס איינ-האלטען, דאס פערהאלטען, די פערהאל-טונג; דאס איבערלאזען פאר זיך; דאס איינהאלטען אין זכרון, דאס געדענקען; אין מעדיצין — די פערהאלטונג פון או-

רין, פון דער פערדרייטער שפייז א. ז. וו.; אין געזעצגעבונג — דאס רעטענציאנס-רעכט, דאס רעכט צו פערהאלטען אייגענטום פערמעגען פאר א חוב.

reten'tive *a.* (רי-טענ'-טיוו) איינהאל-טענד, פערהאלטענד; וואס האלט איין אין זכרון.

reten'tive fac'ulty (רי-טענ'-טיוו פעק'-אל-טי) די געדעכניס-פעהיגקייט, דער זכרון.

reten'tive mem'ory (רי-טענ'-טיוו מעמ'-א-רי) א גוטער, שטארקער זכרון.

reten'tiveness *n.* (רי-טענ'-טיוו-נעס) דאס האלטען פעסט; דאס איינהאלטען [אין זכרון].

retentiv'ity *n.* (רי-טענ-טיוו'-אי-טי) ז. *retentiveness*

retex'ture *n.* (רי-טעקס'-טשור) אן ער-נייטעס געוועב; דאס וועבען ווידער אמאל.

re'tial *a.* (רי'-שי-על) וואס איז שייך צו א נעפלעכטס פון נערוועו, בלוט-אדערען א. ז. וו.

re'tiary *a.* and *n.* (רי'-שי-ע-רי) נעץ-פערמיג, ווי א נעץ; בעוואפענט מיט א נעץ; וואס איז פעהיג צו פערפלאנטע-רען א צווייטען אין א נעץ אדער ווי א נעץ; א וועב-שפין.

ret'icence *n.* (רעט'-אי-סענס) די פער-שווייגונג; דאס פערשווייגען [א זאך], דאס ניט דערמאהנען; צוריקגעהאלטענ-קייט, איינגעהאלטענקייט; א רעטארישע פיגור וואס בעשטעהט אין זאגען אז מען וויל ניט ריידען וועגען א זאך און דער-וויילע זאגט מען וואס מען האט געוואלט [ווי למשל, "איך וויל אייך ניט דערמאה-נען וועגען מיין געגנער'ס שלעכטקייט און פערדארבענהייט"].

ret'icency *n.* (רעט'-אי-סען-סי) ז. *reticence*

ret'icent *a.* (רעט'-אי-סענט) שווייגענד, וואס איז איינגעהאלטען אדער צוריקגע-האלטען

ret'icle *n.* (רעט'-איקל) א פארריכטונג אין א טעלעסקאפ אין דער פארם פון א קליין נעצעלע.

retic'ula *n.* (רי-טיק'-יו-לא) נעץ-פלעכטען; די צווייטע מאגענס ביי חיות וואס זייגען מעלה גרה. ז. *reticulum*

retic'ular *a.* (רי-טיק'-יו-לאר) נעץ-פערמיג, פערפלאנ-טערט.



Reticulated Leaf

retic'ularly *adv.* (רי-טיק'-יו-לאר-לי) אויף א נעץ-פערמי-גען אופן.

retic'ulary *a.* (רי-טיק'-יו-לע-רי) ז. *reticular*

retic'ulate *a.* and *v.* (רי-טיק'-יו-לייט) ווי א נעץ; פלעכ-טען, מאכען נעץ-ארטיג.

retic'ulated *a.* (רי-טיק'-יו-ליי-טעד) נעץ-פערמיג.

retic'ulated leaf (רי-טיק'-יו-ליי-טעד ליעף) א בלאט, אין וועלכען די אדערען פלעכטען זיך איבער נעץ-פערמיג.

retic'ulated ma'sonry (רי-טיק'-יו-ליי-טעד מיי'סנ-רי) ז. *reticulated work*

retic'ulated work (רי-טיק'-יו-ליי-טעד הוואירק) אן ארט מויערען, וואו די ציעגעל אדער די שטיינער ווערען אויס-געלעגט אויף א נעץ-פערמיגען אופן.



Reticulated Work

retic'ulately *adv.* (רי-טיק'-יו-לייט-לי) אויף א נעץ-פערמיגען אופן.

ret'icule *n.* (רעט'-אי-קיול) א רידיקיול [א דא-מען האנד-בייטעל]; א נעץ-פערמיגעס גלעזעל וואס איז אריינגעשטעלט אין א טעלעסקאפ.

Reticule

retic'ulum *n.* (רי-טיק'-יו-לאם) געפלאכטענע נעץ-ארבייט; דער צווייטער מאגען ביי חיות וואס זייגען מעלה גרה.

retif'erous *a.* (רי-טיפ'-ע-ראס) נעץ-פערמיג; וואס בעשטעהט פון א געפלעכט פון אדערען, נערוועו א. ז. וו.

re'tiform *a.* (רי'-טי-פארם) נעץ-פער-מיג.

ret'ina *n.* (רעט'-אי-נא) די רעטינע אדער נעץ-הייטעל [א נעץ-ארטיג הייטעל אין אויג וואס איז פערבונדען דורך'ן אפטישען נערוו מיט די געהירן].

retin'alite *n.* (רי-טינ'-ע-לאיט) רעטי-נאליט, הארץ-שטיין [א שטיין פון א גרינליכען קאליר און מיט א פעך-גלאנץ].

re'tinerved *a.* (רי'-טי-נוירווד) נעץ-פערמיג [וועגען די אדערלעך אויף פלאנ-צען-בלעטער].

retini'tis *n.* (רעט-אי-נאי'-טיס) אן ענט-צינדונג פון דער רעטינע אדער נעץ-הויט [פון אויג].

ret'inoid *a.* (רעט'-אי-נאיד) פעך-אר-טיג, פעך-פערמיג.

ret'inoscopy *n.* (רעט'-אי-נא-סקאו-פי) אונטערזוכונג פון דער נעץ-הויט פון אויג [מיט דער הילף פון א זא שפיעגעל].

ret'inue *n.* (רעט'-אי-ניו) א סוויטע, א בעגלייטונגס-קאמפאניע; א פראצעסיע.

retir'acy *n.* (רי-טאיר'-ע-סי) דאס צו-ריקציהען זיך [פון געשעפט אדער פון גע-זעלשאפטליכען לעבען].

retirade' *n.* (רעט-אי-ראד') אין א פעס-טונג — דער אבשניט אדער רעטראנשא-מענט [א בעפעסטיגטער וואל אין א באס-טיאן, הינטער וועלכען די סאלדאטען בע-שיצען זיך ווען זיי טרעטען אב פון דעם פאדערשטען וואל].

retir'al *n.* (רי-טאיר'-על) צוריקציהונג; קוויטירונג פון א חוב אדער וועקסעל; דאס ארויסנעהמען פון צירקולאציאן [וועקס-לען, אקציעס א. ז. וו.].

retire' *v.* and *n.* (רי-טאיר') צוריקצי-הען, אבשיידען זיך, אוועקגעהן, פערלאזען [א שטעלע, אן אמט]; ארויסנעהמען [אקציען] פון צירקולאציאן, אבצאהלענ-דיג זייער ווערטה; קוויטירען א וועק-סעל; זיך צוריקקעהרען; אבטרעטען צו-ריק; געהן שלאפען; דאס צוריקציהען זיך, דאס ארויסגעהן פון געשעפט, פון עפענטליכען לעבען א. ז. וו.

retired' *a.* (רי-טאירד') צוריקגעצויגען [פון דיענסט, פון אמט]; צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען, איינזאם; געהיים, פערבארגען.

retired' list (רי-טאירד' ליסט) די פענסיאנס-ליסטע [די ליסטע פון אפיציע-רען און בעאמטע, וועלכע האבען זיך צו-ריקגעצויגען פון דיענסט און האבען א רעכט אויף פענסיע].

retir'edness *n.* (רי-טאיר'-עד-נעס) צוריקגעצויגענקייט; איינזאמקייט, אבגע-זונדערטקייט.

retire' from sight (רי-טאיר' פראם סאיט) פערשווינדען.

retire'ment *n.* (רי-טאיר'-מענט) צוריק-געצויגענקייט, איינזאמקייט; אבגעזונדערט-קייט; אן איינזאם לעבען; דאס פריוואט-לעבען פון א מענשען וואס האט זיך צו-ריקגעצויגען פון געשעפט, פון א שטעלע אדער פון געזעלשאפטליכען לעבען; א שטיל, איינזאם ארט.

retir'er *n.* (רי-טאיר'-ער) איינער וואס ציהט זיך צוריק פון געשעפט אדער אמט.

retir'ing *a.* (רי-טאיר'-אינג) צוריקווייכענד, אבטרעטענד, זיך צוריקציהענד [פון אמט אדער דיענסט]; צוריקהאלטענד, איינגעהאלטען, בעשיידען.

retir'ing allow'ance (רי-טאיר'-אינג ע-לאו'-ענס) פענסיע.

retir'ing disposi'tion (רי-טאיר'-אינג דיס-פא-זיש'-אן) צוריקגעהאלטענ-קייט, עניוות, בעשיידענהייט.

retir'ing place (רי-טאיר'-אינג פלייס) א שטיל ארט, א רוה-פלאץ.

retor'sion *n.* (רי-טאהר'-שאן) אין אינ-טערנאציאנאלען רעכט — דאס אנווענדען בנוגע צו א געוויסער נאציאן דיזעלביגע בעהאנדלונג, ווי זי בעהאנדעלט אנדערע; דאס בעצאהלען מדה כנגד מדה.

retort' *v.* and *n.* (רי-טאהרט') צוריק-ווארפען, ערוויעדערען, ענטפערען מיט א בעליידיגונג אויף א בעליידיגונג אדער מיט א בעשולדיגונג אויף א בעשולדיגונג; "געבען א גאב", ארויסטרעטען מיט א שארפען ענטפער; פאנאנדערלעגען א כע-מישען פראדוקט מיט דער הילף פון א רעטארטע; דאס "געבען א גאב"; א שאר-פער ענטפער; א רעטארטע [א קונעל-פערמיגע גלעזערנע כלי מיט א לאנגען איינגעבויגענעם העלזעל, וואס ווערט בע-נוצט פון כעמיקער פאנאנדערצולעגען א כעמישען פראדוקט אויף זייגע בעשטאנד-טיילען].



Retort

retor'ter *n.* (רי-טאהר'-טער) א ווידער-

לענער, אז ערווידערער; דער וואס גיט א שארפען ענטפער, ענטפערט מיט א בעליידיגונג אויף א בעליידיגונג אדער מיט א בעשולדיגונג אויף א בעשולדיגונג.

retort'-hol'der *n.* (רי-טאהרט'-האול'-דער) א רעטארטען-האלטער, א פארריכטונג צו האלטען די רעטארטע בעת מען ווארעמט זי אויף'ן פייער. ז. ***retort***.

retor'tion *n.* (רי-טאהר'-שאן) דאס בויגען צוריק; די צוריק-ווארפונג; א שארפער ענטפער; דאס ענטפערען מיט א בעליידיגונג אויף א בעליידיגונג אדער מיט א בעשולדיגונג אויף א בעשולדיגונג.

retoss' *v.* (רי-טאס') צוריקווארפען; צוריקשטויסען; נאך אמאל ווארפען.

retouch' *v. and n.* (רי-טאטש') איבערארבייטען, אויסבעסערען [א קונסטווערק]; אין פאטאגראפיע — רעטושירען, אויסבעסערען די פעהלער פון א נעגאטיוו אדער פון א פאזיטיוו; אן אויסבעסערונג, א רעטושירונג [פון א בילד].

retouch'er *n.* (רי-טאטש'-ער) א רעטושער [איינער וואס בעסערט אויס פאטאגראפישע נעגאטיווען אדער פאזיטיווען].

retouch'ing *n.* (רי-טאטש'-אינג) דאס צוגעבען די לעצטע שטריכען צו א קונסטווערק; אין פאטאגראפיע — דאס רעטושירען [דאס אויסבעסערען דעם נעגאטיוו אדער דעם פאזיטיוו].

retouch'ing-desk *n.* (רי-טאטש'-אינג-דעסק) ז. ***retouching-frame***.

retouch'ing-ea'sel *n.* (רי-טאטש'-אינג-איע'זל) ז. ***retouching-frame***.

retouch'ing-frame *n.* (רי-טאטש'-אינג-פריים) אין פאטאגראפיע — א מין סטענדער אדער טישעל פון א דינעם גלאז אין א ראהם, אויף וועלכען עס ווערען רעטושירט פאטאגראפישע נעגאטיווען.

retouch'ing-ta'ble *n.* (רי-טאטש'-אינג-טיי'בל) ז. ***retouching-frame***.

retouch'ment *n.* (רי-טאטש'-מענט) רעטושירונג. ז. ***retouching***.

retour' *n.* (רע-טוהר') א צוריקקעהר, דאס צוריקקעהרען.

retrace' *v.* (רי-טרייס') ווידער צייכנען, איבערצייכנען; געהן צוריק אויף'ן זעלבען וועג; נאכשפירען צוריק ביז'ן ערשטען קוואל; איבער'חזר'ען, ווידערהאלען.

retract' *v.* (רי-טרעקט') 1. אריינציהען צוריק [ווי א קאץ ציהט אריין די נעגעל]; 2. צוריקציהען, צוריקנעהמען [א בעשולדיגונג, אן ערקלערונג]; 3. פערקירצען.

2. The publisher was obliged to retract the statements made about the Mayor.

retractabil'ity *n.* (רי-טרעק-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוריקגעצויגען ווערען.

retrac'table *a.* (רי-טרעק'-טעבל) וואס קען צוריקגענומען ווערען, וואס קען צוריקגעצויגען ווערען.

retracta'tion *n.* (רי-טרעק-טיי'-שאן) דאס צוריקנעהמען, צוריקציהונג, דאס מבטל זיין אן ערקלערונג, בעשלום אדער בעשולדיגונג.

retractibil'ity *n.* (רי-טרעק-טי-ביל'-אי-טי) ז. ***retractability***.

retrac'tible *a.* (רי-טרעק'-טיבל) ז. ***retractable***.

retrac'tile *a.* (רי-טרעק'-טיל) וואס קען לייכט אריינגעצויגען ווערען [ווי די נעגעל פון א קאץ]; וואס קען צוריקגעצויגען ווערען; צוריקציהענד.

retractil'ity *n.* (רי-טרעק-טיל'-אי-טי) דאס קענען אריינגעצויגען אדער צוריקגעצויגען ווערען.

retrac'tion *n.* (רי-טרעק'-שאן) דאס אריינציהען [ווי די נעגעל פון א קאץ]; דאס צוריקציהען [א בעשלום, א בעשולדיגונג א. ד. ג.].

retrac'tive *a. and n.* (רי-טרעק'-טיוו) צוריקציהענד; דאס וואס ציהט אריין צוריק.

retrac'tively *adv.* (רי-טרעק'-טיוו-לי) אריינציהענדיג צוריק; צוריקציהענדיג.

retrac'tor *n.* (רי-טרעק'-טאר) דער אדער דאס וואס ציהט צוריק; א מוסקול וואס ציהט אריין צוריק אין קערפער א געוויסען גליעד; עטוואס וואס ציהט פאנאנדער אדער ציהט אב טיילען פון קערפער ביי אן אפעראציאן.

re'trad *adv.* (רי'-טרעד) אין אנאטאמיע — ריקווערטס, צוריק.

re'trahens *n.* (רי'-טרע-הענז) אין אנאטאמיע — דער מוסקול, וועלכער ציהט אב דעם מענשליכען אויער צוריק.

re'trahent *a.* (רי'-טרע-הענט) וואס ציהט צוריק [וועגען דעם מוסקול וואס ציהט אב צוריק דעם מענשליכען אויער].

re'tral *a.* (רי'-טרעל) הינטערשט, וואס איז הינטען.

retransfer' *v.* (רי-טרענס-פויר') ווידער איבערטראגען צום פאריגען פלאץ אדער צושטאנד; איבערטראגען אדער טראנספערירען נאך אמאל.

retrans'fer *n.* (רי-טרענס'-פער) דאס איבערטראגען עפעס אויף דעם פריהריגען ארט; דאס איבערטראגען אדער טראנספערירען נאך אמאל.

retransform' *v.* (רי-טרענס-פארם') ווידער אומענדערען אדער אומבייטען.

retransforma'tion *n.* (רי-טרענס-פאר-מיי'-שאן) א צווייטע טראנספארמאציאן אדער אומענדערונג.

retranslate' *v.* (רי-טרענס-לייט') איבערזעצען אן איבערזעצונג צוריק אין דער שפראך פון אריגינאל.

retransla'tion *n.* (רי-טרענס-ליי'-שאן) די נאכאמאליגע איבערזעצונג; דאס איבערזעצען אן איבערזעצונג צוריק אין דער שפראך פון אריגינאל.

retransmis'sion *n.* (רי-טרענס-מיש'-אן) דאס איבערגעבען נאך אמאל.

retransmit' *v.* (רי-טרענס-מיט') איבערגעבען נאך אמאל.

retrax'it *n.* (רי-טרעק'-סיט) דאס צוריקנעהמען א קלאגע [אין געריכט].

retreat' *n. and v.* (רי-טריעט') צוריקציהונג, דאס צוריקציהען זיך; דאס אבטרעטען צוריק [וועגען אן ארמעע אויף'ן שלאכט-פעלד]; דער סיגנאל דורך א באראבאן אדער טרומייט, וואס ווערט געגעבען אין ארמעע, אז די סאלדאטען זאלען געהען שלאפען אדער אויפשטעהן פון שלאף; א רוה-פלאץ, איינזאמקייט, אבגעזונדערטקייט; די צייט וואס איינער איז א פרוש; אבטרעטען, געהן צוריק; זיך אויפס-ניי איבערלעגען; זיך אבבויגען אויף צוריק.

retrea'ter *n.* (רי-טריע'-טער) איינער וואס טרעט אב צוריק.

retrench' *v.* (רי-טרענטש') 1. אבהאקען, אבשניידען; פערקירצען, אויסלאזען; 2. פערקלענערען [די אויסגאבען]; 3. אין מיליטער — פערשאנצען, בעפעסטיגען א פלאץ מיט גראבענס.

2. The city must retrench its expenditures. 3. The army is retrenched on the other side of the river.

retrench'ment *n.* (רי-טרענטש'-מענט) דאס אבשניידען; דאס פערקירצען; דאס פערקלענערען [די הוצאה]; די פערשאנצונג [דאס בעפעסטיגען אן ארט מיט גראבענס].

retri'al *n.* (רי-טראי'-על) א צווייטער געריכטס-פראצעס.

retrib'utary *a.* (רי-טריב'-יו-טע-רי) ז. ***retributive***.

retrib'uter *n.* (רי-טריב'-יו-טער) א בעלוינער, א פערגעלטער, איינער וואס צאהלט אב פאר שלעכטס; א נקמה-נעהמער.

retribu'tion *n.* (רעט-רי-ביו'-שאן) די בעלוינונג, די פערגעלטונג; דאס בעצאהלען פאר שלעכטס; דאס נקמה-נעהמען; אין טעאלאגיע — דאס געבען שכר ועונש אויף יענער וועלט.

retrib'utive *a.* (רי-טריב'-יו-טיוו) בעלוינענד; וואס בעצאהלט לויט'ן פערדיענסט; ראכע נעהמענד.

retrib'utory *a.* (רי-טריב'-יו-טא-רי) וואס דיענט אלס בעלוינונג פאר שלעכטס; וואס דיענט אלס ראכע אדער נקמה.

retrie'vable *a.* (רי-טריע'-וועבל) וואס קען אומגעקעהרט ווערען, וואס קען ווידער איינגעשטעלט ווערען.

retrie'vableness *n.* (רי-טריע'-וועבל-נעס) דאס קענען ווידער אומגעקעהרט ווערען; דאס קענען ווידער געפונען ווערען.

retrie'vably *adv.* (רי-טריע'-ווע-בלי) מיט א מעגליכקייט ווידער אומגעקעהרט צו ווערען.

retrie'val *n.* (רי-טריע'-וועל) די אומקעהרונג צוריק.

retrieve' *v.* (רי-טריעוו') אומקעהרען [צו א פריהריגען אדער בעסערען צושטאנד]; ווידער איינשטעלען; אויסבעסערען; אויסגעפינען; כאפען און ברייגען די געשאסענע חיה אדער פויגעל [וועגען א יאגד-הונד].

retrieve'ment *n.* (רי-טריעוו'-מענט) ז. ***retrieval***.

retrie'ver *n.* (רי-טריע'-ווער) אן אויפדעקער, אן אויפזוכער; א הונד וואס הויבט אויף געשאסענע פויגלען אדער טהיערע פאר א יעגער.

retrim' *v.* (רי-טרים') ווידער בעפוצען, ווידער ארומשניידען.

ret'riment *n.* (רעט'-רי-מענט) אבפאל, אבזאץ, פסלת.

retroact' *v.* (רי-טרא-עקט') צוריקווירקען; האבען א ווירקונג אויף עפעס וואס איז געוועזען פריהער.

retroac'tion *n.* (רי-טרא-עק'-שאן) צוריקווירקונג; א ווירקונג אויף דאס פערגאנגענע.

retroac'tive *a.* (רי-טרא-עק'-טיוו) צוריקווירקענד, וואס האט א ווירקונג אויף דאס פערגאנגענע.

retroac'tive law (רי-טרא-עק'-טיוו לאה) א צוריקווירקענדעס געזעץ [א געזעץ, וואס ווערט אנגעווענדעט פאר פעלע, וועלכע זיינען פארגעקומען איידער דאס געזעץ איז אנגענומען געווארען].

retroac'tively *adv.* (רי-טרא-עק'-טיוו-לי) צוריקווירקענדיג; מיט אן אנווענדונג אדער ווירקונג אויף פערגאנגענע פעלע.

retroac'tive stat'ute (רי-טרא-עק'-טיוו סטעטש'-יוט) א צוריקווירקענדער סטאטוט אדער פעראָרדנונג [וואס ווערט אנגעווענדעט אויף פעלע, וועלכע זיינען פארגעקומען איידער דער סטאטוט אדער

די פעראָרדנונג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען].

retrocede' *v.* (רי-טרא-סיעד') צוריקטרעטען, צוריקגעהן, זיך צוריקציהען; צוריק אבטרעטען; צוריקגעבען [אין בעזיץ].

retroce'dent *a.* (רי-טרא-סיע'-דענט) צוריקטרעטענד, זיך צוריקציהענד.

retroces'sion *n.* (רי-טרא-סעש'-אן) צוריקטרעטונג; צוריק-אבטרעטונג, דאס אבטרעטען צוריק; אין מעדיצין — די פערשווינדונג פון א געשוויר, הויט-אויסשלאג א. ז. וו.

retroces'sional *a. and n.* (רי-טרא-סעש'-אנ-על) ז. *recessional*

retrocol'lic *a.* (רי-טרא-קאל'-איק) וואס איז שייך צום נאקען.

retrocop'ulant *a.* (רי-טרא-קאפ'-יו-לענט) וואס האבען געשלעכטליכען פערקעהר, שטעהענדיג אומגעקעהרט אין געגענזעצטע ריכטונגען [וועגען געוויסע חיות].

retrocop'ulate *v.* (רי-טרא-קאפ'-יו-לייט) האבען געשלעכטליכען פערקעהר, שטעהענדיג אומגעקעהרט אין געגענזעצטע ריכטונגען [וועגען געוויסע חיות].

retrocopula'tion *n.* (רי-טרא-קאפ-יו-ליי'-שאן) געשלעכטליכער פערקעהר, שטעהענדיג אומגעקעהרט אין געגענזעצטע ריכטונגען [ביי געוויסע מינים חיות].

re'trodate *v.* (רי'-טרא-דייט) אנגעבען א פריהערע דאטע.

retrodevia'tion *n.* (רי-טרא-די-ווי-איי'-שאן) דאס זיין אבגערוקט צוריק-צו [הויפטזעכליך וועגען אן אונגארמאלער לאגע פון דער געבעהר-מוטער].

retroduct' *v.* (רי-טרא-דאקט') צוריקציהען, צוריקשלעפען, צוריקברייגגען, צוריקפיהרען.

retroduc'tion *n.* (רי-טרא-דאק'-שאן) דאס צוריקברייגגען; די צוריקפיהרונג; די צוריקציהונג.

re'troflex *a.* (רי'-טרא-פלעקס) געבויגען אויף צוריק, צוריקגעבויגען.

re'troflexed *a.* (רי'-טרא-פלעקסט) ז. *retroflex*

retrogen'erative *a.* (רי-טרא-דזשענ'-ע-ריי-טיוו) ז. *retrocopulant*

retrograda'tion *n.* (רעט-רא-גרע-דיי'-שאן) דאס געהן צוריק אדער ריקווערטס; רעגרעס; צוריקגאנג; ענטארטונג, דעגענעראציאן; די שיינבארע בעוועגונג פון מזרח צו מערב [פון די פלאנעטען].

ret'rograde *a. and v.* (רעט'-רא-גרייד) וואס געהט אדער בעוועגט זיך ריקווערטס; וואס שיינט זיך צו בעוועגען פערקעהרט אדער פון מזרח צו מערב [וועגען פלאנעטען]; צוריקטרעטענד; וואס ווערט ערגער, וואס רעגרעסירט, ווערט ענטארטעט אדער דעגענערירט; געהן אדער זיך בעוועגען ריקווערטס אדער צוריקוועגס; צוריקקעהרען, ארויסרופען א בעוועגונג ריקווערטס; רעגרעסירען, דעגענערירט ווערען; זיך בעוועגען פון מזרח צו מערב [וועגען דער שיינבארער בעוועגונג פון די פלאנעטען].

ret'rogradingly *adv.* (רעט'-רא-גריי-דינג-לי) זיך בעוועגענדיג אויף צוריק.

retrogres'sion *n.* (רי-טרא-גרעש'-אן) ז. *retrogradation*

retrogres'sional *a.* (רי-טרא-גרעש'-אנ-על) ז. *retrogressive*

retrogres'sive *a.* (רי-טרא-גרעס'-איוו) וואס געהט צוריק, וואס בעוועגט זיך ריקווערטס, רעגרעסירענד, וואס ווערט דעגענערירט אדער ענטארטעט.

retrogres'sively *adv.* (רי-טרא-גרעס'-איוו-לי) זיך בעוועגענדיג אויף צוריק; רעגרעסירענדיג, ווערענדיג דעגענערירט אדער ענטארטעט.

retroin'sular *a.* (רי-טרא-אינ'-שיו-לאר) וואס געפינט זיך הינטער אן אינזעל.

retromin'gency *n.* (רי-טרא-מינ'-דזשענ-סי) דאס משתין זיין הינטערווייליך [ביי אייניגע חיות].

retromin'gent *a. and n.* (רי-טרא-מינ'-דזשענט) וואס איז משתין הינטערווייליך; א חיה, וואס איז משתין הינטערווייליך.

retroop'erative *a.* (רי-טרא-אפ'-ע-ריי-טיוו) ז. *retroactive*

retropul'sion *n.* (רי-טרא-פאל'-שאן) צוריקשטויסונג; דאס געהן צוריקוועגס [אן אוננארמאליטעט ביי מענשען, וואס ליידען פון פאראליז]; דאס צוריקשטויסען דעם קינד'ס קאפ בעת דער געבורט.

retropul'sive *a.* (רי-טרא-פאל'-סיוו) וואס טרייבט אדער שטויסט צוריק.

retrorse' *a.* (רי-טראהרס') געווענדעט אדער געבויגען צוריק-צו.

retrorse'ly *adv.* (רי-טראהרס'-לי) צוריק-צו, אויף צוריק, ריקווערטס.

ret'rospect *n. and v.* (רעט'-רא-ספעקט) א בליק אויף צוריק, א בליק אויף דער פערגאנגענהייט; א פריהעריגע געשעהעניש, די פערגאנגענהייט; ווארפען א בליק אויף צוריק אדער אויף דער פערגאנגענהייט.

retrospec'tion *n.* (רעט-רא-ספעק'-שאן) דאס ווארפען א בליק אויף צוריק; דאס בעטראכטען די פערגאנגענהייט; נאכדענקונג וועגען דער פערגאנגענהייט; ערינערונג.

retrospec'tive *a.* (רעט-רא-ספעק'-טיוו) צוריקבליקענד, בעטראכטענדיג די פערגאנגענהייט; צוריקווירקענד, וואס בעציהט זיך אויף דער פערגאנגענהייט [וועגען געזעצע, וואס זיינען גילטיג אויף פאר פעלע, וועלכע זיינען פארגעקומען איידער די געזעצע זיינען געמאכט געוואָרען]; פערגאנגען, וואס איז פאריבער, וואס קען בעטראכט ווערען אלס פערגאנגענהייט.

retrospec'tively *adv.* (רעט-רא-ספעק'-טיוו-לי) אין בעצוג צו דער פערגאנגענהייט; צוריקבליקענדיג; בעטראכטענדיג די פערגאנגענהייט; צוריקווירקענדיג [וועגען געזעצע, וואס קענען אנגעווענדעט ווערען אויף פעלע, וועלכע זיינען פארגעקומען איידער די געזעצע זיינען אנגענומען געוואָרען].

retrovac'cinate *v.* (רי-טרא-וועק'-סי-נייט) שטעלען פאקען א קוה מיט דער פאקען-מאטעריע גענומען פון מענשליכע פאקען; שטעלען פאקען מיט דער פאקען-מאטעריע פון א קוה, וועלכע איז אנגעשטעקט געוואָרען פון פאקען-מאטעריע פון א מענשען.

retrovac'cine *n.* (רי-טרא-וועק'-סין) פאקען-מאטעריע גענומען פון א קוה, וועלכע איז אנגעשטעקט געוואָרען מיט מענשליכער פאקען-מאטעריע.

retrover'sion *n.* (רי-טרא-וואיר'-שאן) צוריקבויגונג [הויפטזעכליך פון דער געבעהר-מוטער].

retrovert' *v.* (רי-טרא-וואירט') בויגען אדער ווענדען אויף צוריק.

re'trovert *n.* (רי'-טרא-וואירט) עטוואס וואס בויגט זיך אויס אויף צוריק; איינער וואס קעהרט זיך צוריק אום צו זיין פריהעריגען גלויבען.

retrovi'sion *n.* (רי-טרא-וויזש'-אן) דאס צוריקבליקען אדער זעהן די פערגאנגענהייט [הויפטזעכליך דורך אן איבערנאטירליכער פעהיגקייט אדער העלזעהונג].

retrude' *v.* (רי-טרוהד') צוריקשטויסען.

retru'sion *n.* (רי-טרוה'-זשאן) צוריקשטויסונג; צוריקגעשטויסענהייט.

ret'tery *n.* (רעט'-ער-אי) א פלאץ, וואו מען ווייקט פלאקס.

ret'ting *n.* (רעט'-אינג) דאס ווייקען פלאקס; א פלאץ, וואו מען ווייקט פלאקס.

retund' *v.* (רי-טאנד') מאכען שטומפיג; מאכען טעמפ.

return' *v. and n.* (רי-טוירן') אומקעהרען, צוריקקעהרען; אבצאהלען, בעלוינען [פאר גוטס אדער שלעכטס]; ענטפערען, אבענטפערען; אבגעבען אן אפיציעלען בעריכט, דערלאנגען א ראפארט; געבען פראפיט אדער פראצענט, זיין דער קוואל פון פרנסה; אויסקלייבען, ערוועהלען א דעפוטאט אין פארלאמענט; זיך אומקעהרען, זיך צוריקקעהרען; נאך אמאל קומען [אויף'ן געדאנק, אין בעזיץ א. ד. ג.]; אבקלינגען צוריק [אלס א ווידערקול]; דאס אומקעהרען, דאס צוריקקעהרען; דאס צוריקקעהרען זיך, דאס ווערען ווידער צוריקגעשטעלט; אן ענטפער, אן אבענטפערונג; די וואהל [פון א דעפוטאט אין פארלאמענט]; א ווידער-קלאנג; פראפיט [פון אן אונטערנעהמונג], פרנסה; אן אפיציעלער בעריכט, א ראפארט.

returnabil'ity *n.* (רי-טויר-נע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אומגעקעהרט אדער צוריקגעקעהרט ווערען.

retur'nable *a.* (רי-טויר'-נעבל) וואס קען צוריקגעגעבען ווערען; וואס דארף לויט'ן געזעץ אומגעקעהרט ווערען צוריק; אויף וואס מען דארף געבען אן ענטפער.

return' a vis'it (רי-טוירן' ע וויז'-איט) אבגעבען א וויזיט.

return'-ball *n.* (רי-טוירנ'-באהל) א באל וואס איז צוגעבונדען צו אן עלאסטישען פאדים, און בעת מען ווארפט איהם, ווערט ער צוריקגעצויגען צוריק צו דער האנד.

return'-car'go *n.* (רי-טוירנ'-קאר'-גאו) סחורה וואס ווערט צוריקגעבראכט אנשטאט דער ארויסגעשיקטער סחורה.

return'-check *n.* (רי-טוירנ'-טשעק) א קאנטראמארקע, א בילעט וואס ווערט געגעבען איינעם ביים ארויסגאנג פון טעאטער בעת דאס שוישפיעל האט זיך נאך ניט געענדיגט, כדי ער זאל קענען אריינגעהן צוריק.

return'-day *n.* (רי-טוירנ'-דיי) אין געריכטס-פיהרונג — דער טאג וואס ווערט בעשטימט פאר דעם אנגעקלאגטען צו ערשיינען פאר'ן געריכט.

retur'ner *n.* (רי-טויר'-נער) דער אדער דאס וואס קעהרט אום; דער וואס צאהלט צוריק.

retur'ning-board *n.* (רי-טויר'-נינג-באורד) אין אייניגע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן אפיציעל-בעשטימטער קאמיטעט פון עטליכע שטאאטס-בעאמטע, וועלכער צעהלט

די אנגעגעבענע שטימען און מעלדעט וועגען די רעזולטאטען פון די וואהלען אין שטאאט.

retur'ning-of'ficer *n.* (רי־טויר־נינג־אפ־אי־סער) דער וואהל־קאמיסאר, דער בעאמטער, וועלכער מעלדעט וועגען דעם רעזולטאט פון די וואהלען.

return' in wri'ting (רי־טוירן' אין ראי'־טינג) ענטפערען שריפטליך.

return'-match *n.* (רי־טוירנ'־מעטש) א צווייטער וועט־קאמפף פון דיזעלבינע צוויי געגנערישע צדדים.

return' request' (רי־טוירן' רי־קוועסט') אן אויפשריפט אויף א בריעף, אז אויב דער בריעף וועט ניט גליפערט ווערען אין א בעשטימטער צייט, זאל מען איהם אומקעהרען צו דעמיעניגען, וואס האט דעם בריעף געשיקט.

return'-tick'et *n.* (רי־טוירנ'־טיק־עט) א רעטור־בילעט, א בילעט צו פאהרען אהין און צוריק.

return' to the plough (ריטוירן' טו טהי פלאו) ווידער ציהען די ליאמקע; נעהמען אויף זיך שווערע ארבייט.

retuse' *a.* (רי־טיוס') — אין באטאניק וואס האט א רונדען ענד מיט אן איינשניט אין מיטען [וועגען געוויסע בלעטער]. ז. *retuse leaf*.

retuse' leaf (רי־טיוס' ליעף) א בלאט וואס האט א רונדען ענד מיט אן איינשניט אין מיטען.


Retuse Leaf

reu'nion *n.* (רי־יו'־ניאן) די ווידער־פעראייניגונג; ווידער־איבעראיינשטימונג, בענייטע הארמאניע; א צוזאמענקונפט פון נאהענטע מענשען, וועלכע זיינען א צייט געווען צושיידעט.

reunite' *v.* (רי־יו־נאיט') ווידער פעראייניגען; ווידער אויסגלייכען, ווידער מאכען שלום; זיך ווידער פעראייניגען.

reuni'tedly *adv.* (רי־יו־נאי'־טעד־לי) אויף א ווידער־פעראייניגטען שטייגער.

reurge' *v.* (רי־אוירדזש') ווידער דרינגען, צווינגען אדער שטארק בעשטעהן אויף עפעס.

re'us *n.* (רי'־אס) — אין יוריספרודענץ דער וואס דארף זיך פערטיידיגען אין געריכט, דער אנגעקלאגטער.

reuse' *v.* (רי־יוז') נאך אמאל בענוצען.

reuse' *n.* (רי־יוס') ווידער־בענוצונג.

reu'tilize *v.* (רי־יו'־טיל־איז) ווידער אויסנוצען.

reut'ter *v.* (רי־אט'־ער) נאך אמאל אויסזאגען; ווידער אויסדריקען.

revac'cinate *v.* (רי־וועק'־סי־נייט) נאך אמאל שטעלען פאקען; נאך אמאל איינשפריצען.

revaccina'tion *n.* (רי־וועק־סי־ניי'־שאן) דאס שטעלען פאקען נאך אמאל.

revalua'tion *n.* (רי־וועל־יו־איי'־שאן) דאס איבערשאצען פון דאס ניי.

reval'ue *v.* (רי־וועל'־יו) ווידער שאצען, איבערשאצען נאך אמאל.

revamp' *v.* (רי־וועמפ') ווידער פעררכטען, איבערמאכען נאך אמאל.

revar'nish *v.* (רי־וואר'־ניש) איבערלאקירען, ווידער אמאל לאקירען.

reveal' *v.* (רי־וויעל') אויפדעקען, ענטדעקען; ענטפלעקען, לאזען וויסען דורך ענטפלעקונג אדער דורך'ן רוח הקדש.

revea'lable *a.* (רי־וויע'־לעבל) וואס קען אויפגעדעקט אדער ענטפלעקט ווערען.

revea'lableness *n.* (רי־וויע'־לעבל־נעס) דאס קענען אויפגעדעקט אדער ענטפלעקט ווערען.

revealed' *a.* (רי־וויעלד') אויפגעדעקט, ענטפלעקט; וואס איז בעוואוסט געווארען דורך רוח הקדש.

revea'ler *n.* (רי־וויע'־לער) אן ענטדעקער, אן ענטפלעקער.

reveal'ment *n.* (רי־וויעל'־מענט) די ענטפלעקונג, די אפענבארונג.

reveil'le *n.* (רע־וויל'־יע) אין מיליטער — דער סיגנאל וואס ווערט געגעבען אין דער פריה דורך א באראבאן אדער טרומייט, אז די סאלדאטען זאלען אויפשטעהן.

rev'el *v. and n.* (רעוו'־על) הוליען, אנטייל נעהמען אין א הוליאנקע; פרעהליך טאנצען; האבען גרויס פערגניגען; האנדלען מוטוויליג אדער געזעצלאז; האנדלען נאך דעם איינענעם קאפריז; א הוליאנקע; א לוסטיגער קערמישעל; אן אונטערהאלטונג מיט לוסטיגע טענץ; א יום־טוב וואס ווערט געמאכט ביי דער איינווייהונג פון א קירך.

revela'tion *n.* (רעוו־אי־ליי'־שאן) די ענטפלעקונג, די אפענבארונג; די געטליכע אפענבארונג; די אפענבארונג פון רעליגיעזע וואהרהייטען; דאס ענטדעקען, דאס ענטפלעקען; אין פילאזאפיע — דאס אונמיטעלבארע בעוואוסטזיין פון עטוואס רעאלעס אדער ווירקליכעס [אהן דער מיטווירקונג פון די חושים].

Revela'tion *n.* (רעוו־אי־ליי'־שאן) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די ענטפלעקונג אדער די אפענבארונג פון דעם היילינען יאהאן; דער אפאקאליפסיס [דער לעצטער טייל פון נייעם טעסטאמענט, וואס איז געשריבען פון דעם אפאסטאל יאהאן, לויט דער בעהויפטונג פון דער קירך].

revela'tional *a.* (רעוו־אי־ליי'־שאנ־על) וואס איז שייך צו אן ענטפלעקונג אדער אפענבארונג.

rev'elatory *a.* (רעוו'־אי־ליי־טא־רי) וואס האט דעם כאראקטער פון אן ענטפלעקונג אדער אפענבארונג.

rev'eler *n.* (רעוו'־על־ער) א הוליאק, א לעבעיונג; אן אויסגעלאזענער מענש, א שארלאטאן.

revel'lent *a.* (רי־וועל'־ענט) וואס ציהט אב; וואס פעראורזאכט א העפטיגע אבציהונג פון פלוס [מאטעריע]; וואס פעראורזאכט א געגען־רייצונג; וואס פעראורזאכט א פלעצליכע ענדערונג אין דער שטימונג.

rev'eller *n.* (רעוו'־על־ער) ז. *reveler*.

rev'elment *n.* (רעוו'־על־מענט) דאס הוליען, דאס מאכען הוליאנקעס.

rev'el-rout *n.* (רעוו'־על־ראוט) א חברה הוליאקעס; א צונויפגעלאפענער המון; א ווילדע הוליאנקע; א טאנץ־אונטערהאלטונג.

rev'elry *n.* (רעוו'־על־רי) דאס הוליען; א הוליאנקע.

reven'dicate *v.* (רי־ווענ'־די־קייט) ז. *revindicate*.

revendica'tion *n.* (רי־ווענ־די־קיי'־שאן) ז. *revindication*.

revenge' *v. and n.* (רי־ווענדזש') ראכע נעהמען, זיך נוקם זיין; נעהמען רעוואנש; ראכע, נקמה; די לוסט צו נעהמען נקמה; ראכגיעריגקייט, ראכזיכטיגקייט.

revenge'ful *a.* (רי־ווענדזש'־פול) פול מיט נקמה, ראכגיעריג, ראכזיכטיג, וואס זוכט נקמה צו נעהמען.

revenge'fully *adv.* (רי־ווענדזש'־פול־לי) דורך ראכע, אויס נקמה; מיט ראכזיכטיגקייט, מיט ראכגיעריגקייט.

revenge'fulness *n.* (רי־ווענדזש'־פול־נעס) ראכזוכט, דער וואונש צו נעהמען נקמה.

revenge'less *a.* (רי־ווענדזש'־לעס) וואס מען האט ניט גענומען קיין נקמה דערפאר; אהן נקמה.

reven'ger *n.* (רי־ווענ'־דזשער) א ראכע־נעהמער, א נוקם, איינער וואס נעהמט נקמה.

reven'gingly *adv.* (רי־ווענ'־דזשינג־לי) אויס ראכע, פון נקמה וועגען.

rev'enue *n.* (רעוו'־ע־ניו) יעהרליכע הכנסה, יעהרליכער פערדיענסט אדער פראפיט; די יעהרליכע הכנסה פון א מלוכה וואס זי נעהמט איין צו דעקען איהרע אויסגאבען; איינקונפט, הכנסה; א בעלוינונג.

rev'enue cut'ter (רעוו'־ע־ניו קאט'־ער) א צאל־שיף [א שיף וואס בעוואכט די ברעגען, אז עס זאלען ניט ארייגעפיהרט ווערען קיין אויסלענדישע סחורות אהן צאל].

rev'enued *a.* (רעוו'־ע־ניוד) וואס האט אן איינקונפט אדער הכנסה.

rev'enue law (רעוו'־ע־ניו לאה) א געזעץ, וואס בעשטימט די קוועלען, פון וועלכע די יעהרליכע הכנסות פון דער מלוכה זאלען גענומען ווערען.

rev'enue-of'ficer *n.* (רעוו'־ע־ניו־אפ־אי־סער) א צאל־בעאמטער.

rev'enue tar'iff (רעוו'־ע־ניו טער'־איף) אן אבצאהל אויף אויסלענדישע סחורות, וואס האט בלויז דעם צוועק צו פערגרעסערען די הכנסות פון דער מלוכה [אין געגענזאץ צו שוץ־צאל וואס האט דעם צוועק צו שיצען די איינלענדישע פראדוקציאן פון דער אויסלענדישער קאנקורענץ].

rever'able *a.* (רי־וויער'־עבל) וואס איז ווערטה הויכאכטונג.

rever'berant *a.* (רי־וואר'־בער־ענט) וואס פעראורזאכט א ווידערקלאנג אדער אן אבקלאנג.

rever'berate *v. and a.* (רי־וואיר'־בער־אייט) ארויסגעבען א ווידערקלאנג; צוריקוואורפען, רעפלעקטירען [ווי ליכטשטראהלען, א קלאנג א. ד. ג.]; אבבויגען א פלאם פון איהר ריכטונג; בענוצען רעפלעקטירטע היץ; צוריקגעווארפען ווערען, רעפלעקטירט ווערען; אבקלינגען; צוריקגעווארפען, רעפלעקטירט; וואס פעראורזאכט א ווידערקלאנג.

reverbera'tion *n.* (רי־וואיר־בע־ריי'־שאן) די צוריקוואורפונג; די צוריקשטראהלונג, די רעפלעקטירונג [פון ליכט אדער היץ]; דאס אבקלינגען, דאס צוריקוואורפען א קלאנג; א ווידערקול, א ווידערקלאנג; די בויגונג פון דעם פלאם אין מיטעלפונקט פון א פלאם־אויווען. ז. *reverberatory furnace*.

rever'berative *a.* (רי־וואיר'־בער־איי־טיוו) צוריקוואורפענד, רעפלעקטירענד.

rever'berator *n.* (רי־וואיר'־בער־איי־טאר) עטוואס וואס ווארפט צוריק אדער רעפלעקטירט; א רעפלעקטאר־לאמפ [א לאמפ מיט א פארריכטונג צו רעפלעקטירען דאס ליכט].

rever'beratory *a.* (רי־וואיר'־בער־איי־טא־רי) וואס ווארפט צוריק, וואס

רעפלעקטירט [א ליכט־שטראהל, א קלאנג, היץ]; א פלאם־אויווען.
ז. *reverberatory furnace*

rever′beratory fur′nace (רי־וואיר׳־בער־איי־טא־רי פויר׳־נעס) א פלאם־אויווען [א שמעלץ־אויווען מיט א געוויסער אויסבויגונג פון אויבערשטען דעק וואס דורך דעם ווערט דער פלאם געטריבען אין מיטעל־פונקט פון אויוועז, וואו דאס מאטעריאל, וואס דארף דערהיצט ווערען, געפינט זיך].



Reverberatory Furnace

revere′ *v.* (רי־וויער׳) הויך אכטען, פערעהרען; פיהלען א יראת הכבוד.
We all revere our teacher.

rev′erence *n.* and *v.* (רעוו׳־ע־רענס) הויכאכטונג, יראת הכבוד, עהרפורכט; א קניקס, א העפליכע פערנייגונג; פערעהרען, הויך אכטען, פיהלען א יראת הכבוד.

rev′erencer *n.* (רעוו׳־ע־רענ־סער) א פערעהרער, איינער וואס פיהלט עהרפורכט אדער א יראת הכבוד.

rev′erend *a.* (רעוו׳־ע־רענד) הויכאכטענד, פערעהרענד; עהרענווירדיג, הויכווירדיג [אלס טיטול פון א גייסטליכען]; וואס איז א גייסטליכער.

rev′erent *a.* (רעוו׳־ע־רענט) פול מיט יראת הכבוד, פול מיט עהרפורכט; שטארק [וועגען שנאפס].

reveren′tial *a.* (רעוו־ע־רענ׳־שעל) פול מיט עהרפורכט, פול מיט יראת הכבוד.

reveren′tial awe (רעוו־ע־רענ׳־שעל אה) הייליגע עהרפורכט.

reveren′tially *adv.* (רעוו־ע־רענ׳־שעל־אי) מיט יראת הכבוד, מיט עהרפורכט.

rev′erently *adv.* (רעוו׳־ע־רענט־לי)
ז. *reverentially*

rever′er *n.* (רי־וויער׳־ער) א פערעהרער, איינער וואס אכטעט זעהר הויך אדער האט יראת הכבוד.

rev′erie *n.* (רעוו׳־ע־רי) שוועדמעריי, טרוימעריי; דאס פאנטאזירען; א חלום, א פאנטאזיע; א מוזיקאלישע פאנטאזיע.

rev′erist *n.* (רעוו׳־ע־ריסט) א טרוימער, א פאנטאזיאר, א בעל־חלומות.

revers′ *n.* (רי־וויער׳) דער טייל פון א בגד וואס איז איבערגעקעהרט אויף דער אנדערער זייט, ווי א לאץ אדער א מאנזשעט; דער שטאף מיט וואס עס ווערט בעצויגען אזא טייל [ווי זייד מיט וואס מען בעציהט א לאץ אדער מאנזשעט].

reversabil′ity *n.* (רי־וואיר־סע־ביל׳־אי־טי) ז. *reversibility*

rever′sable *a.* (רי־וואיר׳־סעבל)
ז. *reversible*

rever′sal *n.* (רי־וואיר׳־סעל) אן איבערקעהרונג, אן אומדרעהונג, אן אומענדערונג [פון א האנדלונג, א ריכטונג, א צושטאנד א. ד. ג.]; אין פיזיק — די ענדערונג פון א העלער ליניע פון ספעקטרום אין א דונקלער ליניע און אומגעקעהרט; דאס אומענדערען אדער אומווארפען אן אורטייל.

rever′satile *a.* (רי־וואיר׳־סע־טיל)
ז. *reversible*

reverse′ *v.*, *n.* and *a.* (רי־וואירס׳) איבערקעהרען, איבערדרעהען; איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט; צוטומלען, צומישען; צוריקרופען, מבטל זיין [אן אורטייל, א בעשלוס, א געזעץ א. ד. ג.]; מאכען אן איבערקעהרעניש; ענדערען די שטעלונג אדער די ריכטונג, זיך איבערדרעהען אין דער געגענגעזעצטער ריכטונג; א פאלשטענדיגע אומענדערונג; אן איבערקעהרעניש; אן איבערקעהרונג, אן אומדרעהונג; דאס ענדערען זיך פון מזל; א מפלה, א נידערלאגע; עטוואס וואס איז איבערגעקעהרט; דער געגענזאץ, דער היפוך; די לינקע זייט פון א מטבע; איבערגעקעהרט; פערקעהרט; ענטגעגענגעזעצט, וואס איז להיפוך.

reversed′ *a.* (רי־וואירסט׳) איבערגעקעהרט אויף דער אנדערער זייט; איבערגעדרעהט; בטול געמאכט [אן אורטייל].

reverse′less *a.* (רי־וואירס׳־לעס) וואס קען ניט איבערגעדרעהט ווערען; וואס קען ניט געענדערט ווערען; וואס קען ניט צוריקגערופען ווערען אדער בטול געמאכט ווערען.

reverse′ly *adv.* (רי־וואירס׳־לי) אין אן ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג אדער ארדנונג; פון דער אנדערער זייט, אין געגענזאץ, להיפוך.

rever′ser *n.* (רי־וואיר׳־סער) אן איבערקעהרער, אן אומענדערער; א פארריכטונג צו ענדערען די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם; איינער וואס האט א רעכט אויף א געוויסען אייגענטום אין דער צוקונפט.

rever′si *n.* (רי־וואיר׳־סי) רעווערסי [אן אלט־פראנצויזיש שפיעל אין קארטען, וואס דער געווינער איז דער, ווער עס נעהמט אריין ווענינער קארטען]; א שפיעל עהנליך צו דאמקעס וואס די פעשקעס זיינען פערשיעדען געפארבט פון ביידע זייטען, און אנשטאט זיי צו רוקען, קעהרט מען זיי איבער.

reversibil′ity *n.* (רי־וואיר־סי־ביל׳־אי־טי) דאס קענען איבערגעקעהרט ווערען; דאס קענען איבערגעקעהרט ווערען אויף דער אנדערער זייט.

rever′sible *a.* and *n.* (רי־וואיר׳־סיבל) וואס מען קען איבערקעהרען; וואס מען קען איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט; דאפעלזייטיג; וואס קען געענדערט ווערען; וואס קען צוריקגערופען ווערען אדער ערקלערט ווערען אונגילטיג [וועגען אן אורטייל]; א דאפעל־זייטיגער שטאף [א געוועבטער שטאף וואס קען געטראגען ווערען פון ביידע זייטען].

rever′sibly *adv.* (רי־וואיר׳־סי־בלי) קענענדיג איבערגעקעהרט ווערען אדער אומגעענדערט ווערען.

rever′sing-gear *n.* (רי־וואיר׳־סינג־גיער) די טרייב־ווערק פון א דאמפף־מאשין, וועלכע דיענען צו ענדערען די בעוועגונגס־ריכטונג.

rever′sing-lev′er *n.* (רי־וואיר׳־סינג־לעוו׳־ער) א הויבעל אדער העבעל אין א דאמפף־מאשין אומצוקעהרען די ווירקונג פון דאמפף אום צו ענדערען די ריכטונג פון דער בעוועגונג.

rever′sing-mo′tion *n.* (רי־וואיר׳־סינג־מאו׳־שאן) א מעכאניזם צום ענדערען די ריכטונג פון דער בעוועגונג פון א דאמפף־מאשין.

rever′sion *n.* (רי־וואיר׳־שאן) אומקעהרונג; דאס אומקעהרען צו א פריהערינען צושטאנד; אטאוויזם, דאס צוריקקעהרען זיך צו דעם טיפ פון אלטע דורות; דאס אומקעהרען זיך צום ווילדען צושטאנד [וועגען הויז־חיות]; דאס אומקעהרען זיך פון אייגענטום צו דעם פריהעריגען אייגענטימער אדער צו די יורשים נאכדעם ווי דער טערמין פון דער קאנצעסיע אויף דיעזען אייגענטום האט זיך געענדיגט; א רעכט אויסצוקויפען פער׳משכון׳טעם אייגענטום; יעהרליכע פענסיע וואס דארף אויסגעצאהלט ווערען אין דער צוקונפט; א רעכט אדער האפנונג אויף אן אייגענטום אין דער צוקונפט; א האפנונג אדער רעכט אויף א ירושה אדער נאכפאלגערשאפט; עטוואס וואס איז נאכגעלאזען אדער איבערגעבליבען.

rever′sionary *a.* (רי־וואיר׳־שאנ־ע־רי) וואס האט א האפנונג אדער רעכט אויף א ירושה אדער א נאכפאלגערשאפט; וואס האט די נייגונג זיך אומצוקעהרען צו דעם טיפ פון די פריהעריגע דורות; וואס איז שייך צו דער אומקעהרונג פון אייגענטום צום פריהעריגען אייגענטימער.
ז. *reversion*

rever′sioner *n.* (רי־וואיר׳־שאנ־ער) איינער וואס איז בעשטימט אלס יורש; איינער וואס האט דאס רעכט צו בעקומען געוויסע גיטער אין דער צוקונפט נאכדעם ווי דער טערמין פון דער קאנצעסיע, וואס איז אויף זיי ארויסגעגעבען געווארען וועט זיך ענדיגען; איינער וואס איז בערעכטיגט אויף געוויסע גיטער אין דער צוקונפט.

rever′sis *n.* (רי־וואיר׳־סיס) רעווערסי [א פראנצויזישעס קארטען־שפיעל וואו דער געווינער איז דער, וואס נעהמט אריין ווענינער קארטען].

rever′sive *a.* (רי־וואיר׳־סיוו) אטאוויסטיש, וואס האט די נייגונג זיך אומצוקעהרען צו דעם טיפ פון די אלטע דורות.

rever′so *n.* (רי־וואיר׳־סאו) די לינקע זייט פון א בלאט פון א בוך [די זייט פון בלאט אויף וועלכער עס איז געשטעלט א גראד־נומער].

revert′ *v.* (רי־וואירט׳) אומקעהרען; אומווענדען; אומדרעהען; זיך אומקעהרען, זיך אומווענדען, זיך אומדרעהען; צוריקקעהרען, צוריקקומען; זיך צוריקקעהרען; זיך צוריקוואנדען; אין ביאלאגיע — זיך אומקעהרען צו א פריהעריגען טיפ אדער ענטוויקלונגס־פארם; זיך אומקעהרען צום פריהעריגען אייגענטימער [וועגען אייגענטום]; צוריק מאכען אונאויפלעזבאר [וועגען א כעמישען שטאף, וואס איז פריהער געמאכט געווארען אויפלעזבאר].

rever′ted *a.* (רי־וואיר׳־טעד) אומגעקעהרט צוריק, אומגעווענדעט, אומגעדרעהט.

rever′tible *a.* (רי־וואיר׳־טיבל) וואס קען אומגעקעהרט אדער אומגעווענדעט ווערען; וואס קען צוריק איבערגעהן צום פריהערינען אייגענטימער; וואס קען צוריק געמאכט ווערען אונאויפלעזבאר [וועגען געוויסע כעמישע שטאפען, וועלכע זיינען פריהער געמאכט געווארען אויפלעזבאר]; וואס קען זיך אומקעהרען צו א פריהערינען צושטאנד אדער טיפ.
ז. *reversion*

rever′tive *a.* (רי־וואיר׳־טיוו) וואס קעהרט זיך צוריק, אבטרעטענד, צוריקטרעטענד.

rever′tively *adv.* (רי-וואיר′-טיוו-לי) דורך אומווענדונג; דורך אומקעהרונג צו א פריהעריגען צושטאנד.

rev′ery *n.* (רעווי′-ע-רי) ז. ***reverie***

revest′ *v.* (רי-וועסט′) ווידער געבען איינעם אן אמט אדער ראנג; ווידער אריינטרעטען אין בעזיץ פון אן אייגענטום; ווידער אין קראפט טרעטען.

reves′tiary *n.* (רי-וועס′-טי-איי-רי) א קליידער=צימער אין א קירך אדער קלויסטער.

reves′try *n.* (רי-וועס′-טרי) ז. ***revestiary***

revet′ *v.* (רי-וועט′) אויסלעגען אדער בעדעקען מיט שטיינער אדער אנדערע מאטעריאלען [ווי למשל, א דאמבע].

revet′ment *n.* (רי-וועט′-מענט) א שטיץ=וואנד צום פערהיטען אן ערד=מאסע, אז זי זאל זיך ניט אראבשיטען [ווי ביי א וואל פון פעסטונגס=ווערק, ביי א דאמבע א. ז. וו.]; א צודעק פון שטיין אדער מעטאל, וואס ווערט אויסגעלעגט ארום בוי=ווערק מיט׳ן צוועק זיי צו פערציערען אדער בעפעסטיגען.

revict′ual *v.* (רי-וויט′ל) ווידער פערזארגען מיט לעבענס=מיטלען; אויפס=נייע זיך בעזארגען מיט פאראאטה אדער שפייז=פראדוקטען.

review′ *v. and n.* (רי-וויו′) 1. רעווידירען; דורכקוקען, דורכזועהן נאך אמאל; 2. איבערגעהן נאך אמאל [ווי למשל, א שטודיום=קורס], איבער׳חזר׳ען; 3. זיך אומקוקען אויף דער פערגאנגענהייט, ארויסרופען אין זכרון, זיך דערמאהנען; 4. קריטיש בעטראכטען, געבען א קריטישע איבערזיכט אדער רעצענזיע; 5. מושטירען; 6. א רעוויזיאן, אן איבערזיכט, אן איבערבליק [הויפטזעכליך א ליטעראריש=קריטישע]; א קריטיק; א בענייטע אדער ווידערהאלטע איבערזיכט; רעווידירונג פון א פראצעס; אן אינספעקציאן, רעוויו אדער מושטירונג [פון מיליטער אדער פון א פלאטע]; א רעוויו אדער ליטעראריש=קריטישע פעריאדישע אויסגאבע.

1. The court of appeals reviewed the decisions of the inferior court. 2. At the end of the school term all the subjects are reviewed. 5. The general reviewed the regiment.

review′able *a.* (רי-וויו′-עבל) וואס קען קריטיקירט ווערען; וואס קען רעצענזירט ווערען; וואס קען רעווידירט ווערען.

review′al *n.* (רי-וויו′-על) א קריטישער איבערבליק, א קריטיק, א רעצענזיע.

review′er *n.* (רי-וויו′-ער) דער וואס קוקט איבער אדער רעווידירט; א קריטיקער, א רעצענזענט.

revig′orate *v. and a.* (רי-וויג′-אר-אייט) אבפרישען, צוגעבען נייע קרעפטען; אבגעפרישט, געקרעפטיגט פון דאס ניי.

revile′ *v.* (די-וואיל′) זידלען, בעליידיגען; מאכען פארווירפע, טאדלען.

revile′ment *n.* (רי-וואיל′-מענט) זידלעריי, דאס זידלען, בעליידיגונג; א פארוואורף, טאדלונג.

revi′ler *n.* (רי-וואי′-לער) א זידלער, א בעליידיגער, א טאדלער.

revi′lingly *adv.* (רי-וואי′-לינג-לי) בעליידיגענדיג, מיט זידלעריי, טאדלענדיג.

revin′dicate *v.* (רי-ווינ′-די-קייט) צוריקפאדערען, צוריקמאהנען; צוריק מאכען אן אנשפרוך אדער האבען פרעטענזיעס אויף עפעס.

revindica′tion *n.* (רי-ווינ-די-קיי′-שאן) צוריקפאדערונג; דאס צוריקמאהנען; א בענייטער אנשפרוך אדער פרעטענזיע אויף עפעס.

revi′sal *n.* (רי-וואי′-זעל) דורכקוקונג, דורכזעהונג [מיט׳ן צוועק אויסצובעסערען]; א רעוויזיאן.

revise′ *v. and n.* (רי-וואיז′) דורכקוקען צום צווייטען מאל; מאכען א צווייטע אונטערזוכונג, רעווידירען; דורכקוקען, דורכזעהן [מיט׳ן צוועק אויסצובעסערען]; אויסבעסערען, רעפארמירען; א רעוויזיאן; דורכזעהונג [מיט׳ן צוועק אויסצובעסערען]; רעווידירונג; אויסבעסערונג; א קארעקטור.

Revised′ Ver′sion (רי-וואיזד′ וואיר′-שאן) די רעווידירטע און אויסגעבעסערטע איבערזעצונג פון דער ביבעל אין ענגליש, וואס איז געמאכט געווארען אין די יאהרען 84—1870.

revi′ser *n.* (רי-וואי′-זער) איינער וואס קוקט איבער און בעסערט אויס; א קארעקטאר.

revi′sion *n.* (רי-וויזש′-אן) רעווידירונג; רעוויזיאן; דורכקוקונג אדער אונטערזוכונג צום צווייטען מאל; דורכקוקונג, דורכזעהונג [מיט׳ן צוועק אויסצובעסערען]; אן איבערגעקוקטע און אויסגעבעסערטע אויפלאגע [פון א ליטערארישען ווערק].

Revi′sion *n.* (רי-וויזש′-אן) ז. ***Revised Version***

revi′sional *a.* (רי-וויזש′-אנ-על) ז. ***revisionary***

revi′sionary *a.* (רי-וויזש′-אנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א רעוויזיאן, צו א דורכזעהונג [מיט׳ן צוועק אויסצובעסערען]; דורכזעהענד און אויסבעסערענד, רעווידירענד; דורכקוקענד צום צווייטען מאל.

revi′sionist *n.* (רי-וויזש′-אנ-איסט) א רעוויזיאניסט, אן אנהענגער פון רעוויזיאן [רעפארמירונג פון א פארטיי=פראגראם, פון פרינציפען אדער א גלויבען]; איינער וואס רעווידירט, קוקט דורך נאך אמאל און בעסערט אויס [הויפטזעכליך איינער פון די אויסבעסערער פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער ביבעל].

Revi′sionist *n.* (רי-וויזש′-אנ-איסט) א רעוויזיאניסט, אן אנהענגער פון דער רעוויזיאניסטישער ריכטונג אין דער סאציאל=דעמאקראטישער פארטיי פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער [די רעוויזיאניסטישע ריכטונג טרעט ארויס געגען געוויסע פונקטען פון מארקסיזם און האלט, אז די סאציאליסטישע ארדנונג קען פערווירקליכט ווערען נים דורך א רעוואלוציאן, נאר שטופענווייז דורך סאציאלע רעפארמען. נאר אזוי ווי רעפארמען קענען דורכגעפיהרט ווערען בלויז אין פארלאמענט און דורך א מעהרהייט שטימען, דעריבער פאדערט דיעזע ריכטונג, אז די סאציאל=דעמאקראטישע פארטיי זאל זיך אבזאגען פון איהר אלטער טאקטיק פון ארויסטרעטען געגען אלע בירגערליכע פארטייען, נאר זי זאל שליסען קאמפראמיסען און מאכען שטענדיגע פשרות מיט אנדערע פראגרעסיווע פארטייען, וועלכע שטעהען אויף פאר דער אדער יענער סאציאלער רעפארמע].

revis′it *v. and n.* (רי-וויז′-איט) ווידער בעזוכען; זיך צוריקקעהרען; א צווייטער בעזוך אדער וויזיט; צוריקקעהר [הויפטזעכליך נאך א לאנגער אבוועזענהייט].

revis′itant *a.* (רי-וויז′-אי-טענט) ווידער בעזוכענד; זיך צוריקקעהרענד [הויפטזעכליך נאך א לאנגער אבוועזענהייט].

revisita′tion *n.* (רי-וויז-אי-טיי′-שאן) דאס קומען נאך אמאל, א צווייטער בעזוך, א צוריקקעהר [הויפטזעכליך נאך א לאנגער אבוועזענהייט].

revi′sor *n.* (רי-וואי′-זאר) ז. ***reviser***

revi′sory *a.* (רי-וואי′-זא-רי) ז. ***revisionary***

revitaliza′tion *n.* (רי-וואי-טעל-אי-זיי′-שאן) ווידער=בעלעבונג, צוריק=אויפלעבונג.

revi′talize *v.* (רי-וואי′-טעל-איז) פון דאס ניי אויפלעבען, צוריק בעלעבען אדער לעבעדיג מאכען.

revivabil′ity *n.* (רי-וואי-ווע-ביל′-אי-טי) אויפלעבונגס=פעהיגקייט, דאס קענען אויפגעלעבט ווערען, אבגעפרישט ווערען אדער בענייט ווערען.

revi′vable *a.* (רי-וואי′-וועבל) וואס קען אויפגעלעבט ווערען, אבגעפרישט ווערען אדער בענייט ווערען.

revi′vably *adv.* (רי-וואי′-ווע-בלי) מיט דער מעגליכקייט אדער פעהיגקייט אויפגעלעבט צו ווערען; אזוי אז עס זאל מעגליך זיין אן אויפלעבונג, אן אבפרישונג אדער בענייאונג.

revi′val *n.* (רי-וואי′-וועל) ווידער=בעלעבונג, דאס מאכען צוריק לעבעדיג; ווידער=אויפלעבונג, אבפרישונג, בענייאונג; א רעליגיעזע ערוואכונג; צוריקשטעלונג; אין כעמיע — רעגענעראציאן, דאס צוריק אומקעהרען צום נאטירליכען צושטאנד [וועגען א מעטאל פון א כעמישער פערבינדונג]; ווידער=אויפנעהמונג פון א געריכטס=פראצעס [וואס איז, למשל, אבגעשטעלט געווארען צוליעב דעם טויט פון איינעם פון די צדדים].

Revi′val *n.* (רי-וואי′-וועל) דער רענעסאנס. ז. ***Renaissance***

revi′valism *n.* (רי-וואי′-וועל-איזם) די שטרעבונג צו דערוועקען פלוצלונג א שטארקען גלויבען און רעליגיעזע התלהבות אין די פערשלאפענע הערצער פון די מענשען.

revi′valist *n.* (רי-וואי′-וועל-איסט) אן אנהענגער פון דער בעוועגונג וואס שטרעבט צו דערוועקען פלוצלונג א רעליגיעזע התלהבות און פערשטארקען דעם גלויבען ביי מענשען; איינער וואס שטרעבט ארויסצורופען א רעליגיעזע ערוואכונג [הויפטזעכליך א וואנדערענדער פרעדיגער, וואס גיט זיך אב מיט וועקען די רעליגיעזע געפיהלען].

revivalis′tic *a.* (רי-וואי-ווע-ליס′-טיק) וואס איז שייך צו דער שטרעבונג אויפצומונטערען רעליגיעזע געפיהלען; וואס איז שייך צו פרעדיגער, וואס שטרעבען אויפצומונטערען רעליגיעזע געפיהלען.

revive′ *v.* (רי-וואיוו′) צוריק לעבעדיג ווערען, אבלעבען, אויפלעבען, לעבעדיג מאכען, מחיה מתים זיין; אויפמונטערען, אבפרישען, צוריק אריינברייננגען אדער קומען אין געברויך; אבפרישען אין זכרון, אבגעפרישט ווערען אין זכרון; אין כעמיע — רעגענערירען, צוריקקעהרען צום נאטירליכען צושטאנד [מעטאל פון א בעמישער פערבינדונג]; מאכען ווי ניי [ווי למשל, קליידער, דורך פערריכטען, רייניגען א. ז. וו.].

revive′ment *n.* (רי-וואיוו′-מענט) ז. ***revivification***

revi'ver *n.* (רי-וואי'-ווער) איינער וואס בעלעבט, מאכט לעבעדיג, לעבט אויף, מונטערט אויף, פרישט אב, ברייגגט צוריק אין געברויך אדער ברייגגט צוריק צום פריהריגען צושטאנד; עטוואס וואס לעבט אויף, פרישט אב אדער מונטערט אויף; א שטאף צום רייניגען קליידער; אן אבפרישונג פון א געריכטס=פראצעס [וואס איז אבגעשטעלט געווארען, למשל, צוליעב דעם, וואס איינער פון די צדדים איז געשטארבען].

reviv'ificate *v.* (רי-וויוו'-אי-פי-קייט) ווידער לעבעדיג מאכען, אויפלעבען, מחיה מתים זיין.

revivifica'tion *n.* (רי-וויוו-אי-פי-קיי'-שאן) א ווידער=אויפלעבונג; תחית המתים; א ווידער=אבלעבונג, אבפרישונג, בענייאונג; אין כעמיע — רעגענעראציאן, רעדוקציאן צו א נאטירליכען מעטאל=צושטאנד [ווענען א מעטאל פון א כעמישער פערבינדונג].

reviv'ify *v.* (רי-וויוו'-אי-פאי) ווידער לעבעדיג מאכען, מחיה מתים זיין; צוגעבען א נייע קראפט, אויפלעבען; אבפרישען, אויפמונטערען, בענייען; אין כעמיע — רעגענערירען, צוריק בעקומען אדער צוריק אומקעהרען די מעטאל=אייגענשאפטען [צו א מעטאל פון א כעמישער פערבינדונג].

revivis'cence *n.* (רעוו-אי-וויס'-ענס) ווידער=אויפלעבונג, ווידער=געבורט; ווידער=ערוואכונג [הויפטזעכליך די ווידער=ערוואכונג פון אינזעקטען נאך דעם ווינטער=שלאף].

revivis'cency *n.* (רעוו-אי-וויס'-ענ-סי) ז. *reviviscence*

revivis'cent *a.* (רעוו-אי-וויס'-ענט) ווידער=אויפלעבענד, אויפשטעהענד תחית המתים; אבגעפרישט, בענייט.

revi'vor *n.* (רי-וואי'-ואר) בענייאונג פון א געריכטס=פראצעס [וואס איז איבערגעריסען געווארען, למשל, צוליעב דעם וואס איינער פון די צדדים איז געשטארבען].

revocabil'ity *n.* (רעוו-א-קע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוריקגערופען ווערען; דאס קענען בטל ווערען אדער אבגעשאפט ווערען; מעגליכקייט צוריקגערופען צו ווערען, בטל צו ווערען אדער אבגעשאפט צו ווערען.

rev'ocable *a.* (רעוו'-א-קעבל) וואס קען צוריקגערופען ווערען; וואס מען קען מבטל זיין אדער אבשאפען.

The treaty is revocable at the option of either party.

rev'ocableness *n.* (רעוו'-א-קעבל-נעס) ז. *revocability*

rev'ocably *adv.* (רעוו'-א-קע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען צוריקרופען, מבטל זיין אדער אבשאפען.

revoca'tion *n.* (רעוו-א-קיי'-שאן) צוריקרופונג, אבשאפונג, דאס מבטל זיין, דאס בטל ווערען.

rev'ocatory *a.* (רעוו'-א-קיי-טא-רי) צוריקרופענד, אבשאפענד, וואס איז מבטל.

revo'kable *a.* (רי-וואו'-קעבל) ז. *revocable*

revoke' *v. and n.* (רי-וואוק') צוריקרופען, מבטל זיין, אבשאפען; ניט שפיעלען צו דער מאסט [אין קארטען]; דאס ניט שפיעלען צו דער מאסט.

revoke'ment *n.* (רי-וואוק'-מענט) ז. *revocation*

revo'ker *n.* (רי-וואו'-קער) איינער וואס רופט צוריק, איז מבטל אדער שאפט אב.

revolt' *v. and n.* (רי-וואולט') רעוואלטירען, ארויסטרעטען געגען, מאכען אן אויפשטאנד; אבקעהרען זיך מיט עקעל, ווערען עמפערט, אבשטויסען מיט עקעל; עמפערען, ארויסרופען עקעל, אבעקלען; אן אויפשטאנד.

revolt' against' (רי-וואולט' ע-גענסט') מאכען אן אויפשטאנד, רעוואלטירען.

revolt' at (רי-וואולט' עט) עמפערט זיין, פיהלען עקעל.

His mind revolted at the idea of using violence.

revol'ter *n.* (רי-וואול'-טער) א רעבעל, איינער וואס רעבעלירט, מאכט אן אויפשטאנד אדער טרעט ארוים געגען [אן אנערקענטער מאכט].

revol'ting *a.* (רי-וואול'-טינג) עמפערענד, עקעלהאפט, מיאוס, אבשטויסענד; רעבעלירענד, וואס מאכט אן אויפשטאנד.

revol'tingly *adv.* (רי-וואול'-טינג-לי) עמפערענדיג, אבשטויסענדיג, עקעלנדיג; רעבעלירענדיג, ארויסטרעטענדיג געגען, מאכענדיג אן אויפשטאנד.

rev'olute *a. and v.* (רעוו'-א-ליוט) פערדרעהט, פערוויקעלט, פערבויגען; ארומדרעהען.

revolu'tion *n.* (רעוו-א-ליו'-שאן) אומדרעהונג; פעריאדישע אומקעהרונג אדער אומבייטונג [ווי פון יאהרעס=צייטען, למשל]; א רעוואלוציאן, א פאלשטענדיגע אומוואנדלונג, א ראדיקאלע אומבייטונג פון דער סאציאלער אדער פאליטישער ארדנונג; אן איבערקעהרעניש.

revolu'tionary *a. and n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) רעוואלוציאנער, וואס איז שייך צו א רעוואלוציאן; א רעוואלוציאנער.

revolu'tionary cal'endar (רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי קעל'-ענ-דער) ז. *republican calendar*

revolu'tioner *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-ער) א רעוואלוציאנער.

revolu'tion-in'dicator *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-אינ'-די-קיי-טאר) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די צאהל בעוועגונגען פון א מאשינען=טייל. ז. *operameter*

revolu'tionise *v.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איז) ז. *revolutionize*

revolu'tionism *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איזם) רעוואלוציאניזם, רעוואלוציאנערע פרינציפען, רעוואלוציאנערער גייסט.

revolu'tionist *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איסט) א רעוואלוציאנער.

revolu'tionize *v.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איז) מאכען א רעוואלוציאן; מאכען א פאלשטענדיגע אומענדערונג, ראדיקאל ענדערען; רעוואלוציאניזירען; זיך ראדיקאל ענדערען.

rev'olutive *a.* (רעוו'-א-ליו-טיוו) אומדרעהענד, אומקעהרענד; נאכדענקענד; אין באטאניק — אומגעבויגען, איינגעוויקעלט [ווענען פלאנצען]

revol'vable *a.* (רי-וואל'-וועבל) וואס קען זיך דרעהען, וואס דרעהט זיך.

revolve' *v.* (רי-וואלוו') דרעהען; זיך דרעהען; זיך פעריאדיש ווידערהאלען; זיך דרעהען אין קאפ [ווענען געדאנקען]; נאכדענקען, איבערלעגען.

revolved' *a.* (רי-וואלווד') אין זאלאגיע — פערבויגען אויף צוריק [ווי דער שטאכעל ביי געוויסע אינזעקטען].

revolve'ment *n.* (רי-וואלוו'-מענט) נאכדענקונג, איבערלעגונג.

revol'vency *n.* (רי-וואל'-וועג-סי) דרעהונג, אומדרעהונג.

revol'ver *n.* (רי-וואל'-ווער) א רעוואלווער; א שיס=געוועהר, וואס האט א זיך=דרעהענדען אפאראט; איינער אדער עטוואס וואס דרעהט זיך.

Revolver

revol'ving *a.* (רי-וואל'-ווינג) דרעהענד, זיך דרעהענד.

revol'ving light (רי-וואל'-ווינג לאיט) א ליכט פון א לייכט=טהורם, וואס דרעהט זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען.

revol'ving pis'tol (רי-וואל'-ווינג פיס'-טאל) א רעוואלווער.

revol'ving storm (רי-וואל'-ווינג סטאהרם) א ציקלאן, א ווירבעל=שטורם.

revom'it *v.* (רי-וואמ'-איט) ווידער ברעכען, ווידער אויסמייקענען.

revul'sent *a. and n.* (רי-וואל'-סענט) וואס ציהט אב, וואס רייסט אב אדער שיידט פאנאנדער; וואס ציהט אב א קראנקהייט פון איין טייל פון קערפער צו אן אנדערען; א מיטעל אבצוציהען א קראנקהייט פון איין קערפער=טייל צו אן אנדערען.

revul'sion *n.* (רי-וואל'-שאן) דאס אברייסען, דאס אבציהען; דאס אבציהען א קראנקהייט פון איין טייל קערפער צום אנדערען; א פלוצלינגע ענדערונג, א שטארקע רעאקציע.

revul'sive *a. and n.* (רי-וואל'-סיוו) וואס רייסט אב, וואס ציהט אב; וואס ציהט אב א קראנקהייט פון איין טייל קערפער צום אנדערען; א מיטעל צום אבציהען א קראנקהייט פון איין קערפער=טייל צו אן אנדערען.

revul'sor *n.* (רי-וואל'-סאר) א הייל=אפאראט, מיט וועלכען מען קען אנווענדען איינם נאך'ן אנדערען הייץ און קעלט.

Rev. Ver. אבקירצונג פון די ווערטער *Revised Version*

rewake' *v.* (רי-הווייק') ווידער אויפוועקען; ווידער אויפכאפען זיך, ווידער ערוואכען.

rewak'en *v.* (רי-הווייק'ן) צוריק אויפוועקען אדער ערוואכען.

reward' *v. and n.* (רי-הוואהרד') בעלוינען, פערגעלטען; בעלוינונג, לוין.

A reward was offered for the return of the lost watch.

reward'able *a.* (רי-הוואהרד'-עבל) בעלוינונגסווערטה, וואס פערדיענט בעלוינט צו ווערען, וואס קען אדער דארף בעלוינט ווערען.

reward'ableness *n.* (רי-הוואהרד'-עבל-נעס) בעלוינונגס=ווירדיגקייט, דאס ווערטה זיין בעלוינט צו ווערען, דאס קענען בעלוינט ווערען.

reward'ably *adv.* (רי-הוואהרד'-ע-בלי) אויף א בעלוינונגסווערטהען אופן; אזוי אז עם זאל קענען בעלוינט ווערען.

reward'er *n.* (רי-הוואהרד'-ער) א בעלוינער, א פערגעלטער.

reward'ful *a.* (רי-הוואהרד'-פול) בעלוינענד.

reward'fulness *n.* (רי-הוואהרד'-פול-נעס) פעהיגקייט צו בעלוינען; דאס זיין בעלוינענד.

reward'less *a.* (רי-הוואהרד׳-לעס) אהן א בעלוינונג.
reweave' *v.* (רי-הוויעוו׳) ווידערוועבען, פון דאס ניי איבערוועבען.
reweigh' *v.* (רי-הוויי׳) איבערוועגען, נאך אמאל וועגען.
rewin' *v.* (רי-הווין׳) צוריקקריגען; צוריקגעווינען.
rewon' (רי-הוואן׳) צוריקגעוואונען, צוריקגעקראגען. ז. *rewin*
rewood' *v.* (רי-הוואוד׳) צוריק פערפלאנצען מיט בוימער, צוריק פערוואנדלען אין א וואלד.
reword' *v.* (רי-הווארד׳) 1. ווידערהאלען, איבער׳חזר׳ען [ווארט פאר ווארט]; 2. אויסדריקען מיט אנדערע ווערטער; 3. ווידערהאלען אדער אבקלינגען [אלס ווידערקול].
1. The witness reworded his testimony at the renewed hearing. 2. Popular indignation forced the governor to reword his statement. 3. The distant hill rewords the calls of the hunters.
rewrite' *v.* (רי-ראיט׳) איבערשרייבען, פון דאס ניי אויפשרייבען.
rewrit'ten (רי-ריט׳ן) איבערגעשריבען, פון דאס ניי אנגעשריבען. ז. *rewrite*
rewrote' (רי-ראוט׳) איבערגעשריבען, פון דאס ניי אנגעשריבען. ז. *rewrite*
rex *n.* (רעקס) א קעניג.
rey'nard *n.* (ריי׳-נארד) א פוקס.
Rey'nard *n.* (ריי׳-נארד) דער פוקס [אלס פערזאניפיצירונג פון כיטרעקייט אין פאבלען און בכלל אין פאעזיע].
reyoung' *v.* (רי-יאנג׳) צוריק יונג מאכען.
rhabar'barin *n.* (רע-באר׳-בע-רין) ז. *rhabarbarine*
rhabar'barine *n.* (רע-באר׳-בע-רין) רעבארבערין [א כעמישער שטאף וואס געפינט זיך אין דער רעבארבער-פלאנצע].
rhabar'barum *n.* (רע-באר׳-בע-ראם) ז. *rhubarb*
rhab'doid *n.* (רעב׳-דאיד) אין באטאניק — א נאדעל-פערמיגעס קערפערעל אין די צעלען פון געוויסע פלאנצען.
rhabdol'ogy *n.* (רעב-דאל׳-א-דזשי) ראבדאלאגיע, די קונסט צו רעכענען מיט דער הילף פון שטעקעלעך, אויף וועלכע עס זיינען פערצייכענט פערשיעדענע ציפערען.
rhab'domancy *n.* (רעב׳-דא-מענ-סי) דאס נביאות-זאגען אדער דאס טרעפען די צוקונפט מיט דער הילף פון א שטעקען.
rha'chis *n.* (רע׳-קיס) דער רוקען-ביין; דאס שטעקעל פון א פעדער. ז. *rachis*
rhachi'tis *n.* (רע-קאי׳-טיס) ז. *rickets*
rham'phoid *a.* (רעמ׳-פאיד) שנאבעל-פערמיג; וואס האט די פארם פון א שנאבעל.
rhapsod'ic *a.* (רעפ-סאד׳-איק) ז. *rhapsodical*
rhapsod'ical *a.* (רעפ-סאד׳-אי-קעל) ראפסאדיש, ווי א ראפסאדיע; צופיעל ענטוזיאסטיש, מיט א צו הויכען געפיהל. ז. *rhapsody*
rhapsod'ically *adv.* (רעפ-סאד׳-אי-קעל-אי) אין אייגענעם, אהן א צוזאמענהאנג; אויף דעם אופן ווי עס ווערט דורכגעפיהרט א ראפסאדיע. ז. *rhapsody*
rhap'sodist *n.* (רעפ׳-סא-דיסט) א ראפסאדיסט, איינער וואס זינגט ראפסאדיען אדער בעזונדערע אבגעריסענע שטיקלעך פאעזיע אדער מוזיק; א וואנדערענדער זינגער; איינער וואס רעדט מיט א שטארקער היץ און בעגייסטערונג, כאטש דער אינהאלט פון דער רעדע פאדערט עס ניט.
rhapsodis'tic *a.* (רעפ-סא-דיס׳-טיק) ז. *rhapsodical*
rhap'sodize *v.* (רעפ׳-סא-דאיז) זינגען אדער פארלעזען ראפסאדיען אדער בעזונדערע אבגעריסענע שטיקלעך מוזיק אדער פאעזיע; רעדען מיט א צו שטארקער בעגייסטערונג.
rhap'sodomancy *n.* (רעפ׳-סא-דא-מענ-סי) דאס נביאות-זאגען מיט דער הילף פון פערזען [פון א געדיכט].
rhap'sody *n.* (רעפ׳-סא-די) א ראפסאדיע, א קורצעס עפישעס געדיכט אדער א טייל פון א לאנגען געדיכט וואס קען איבערגעלעזען ווערען פאר איין מאל; א צו-שטארקער אויסדרוק פון בעגייסטערונג; א פאעטישעס ווערק, וואס ענטהאלט אין זיך מעהר איבערטריבענע התלהבות איידער קלארען געדאנק; אין מוזיק — א קאמפאזיציאן פון בעזונדערע מוזיקאלישע שטיקלעך אהן א רעגולערען צוזאמענהאנג צווישען זיי.
rhap'sody of words (רעפ׳-סא-די אוו הווארדז) פוסטע ווערטער.
rhat'any *n.* (רעט׳-ע-ני) ז. *ratany*
Rhe'a *n.* (ריע׳-א) אין מיטאלאגיע — רהעא, די טאכטער פון הימעל און ערד און די מוטער פון די געטער און מענשען; א מין זיד-אמעריקאנישע שטרויספויגלען.
Rhein'-ber'ry *n.* (ראינ׳-בער׳-אי) ז. *buckthorn*
rhemat'ic *a.* (רי-מעט׳-איק) וואס איז שייך צו א צייטווארט; וואס בעקומט זיך פון א צייטווארט.
Rhen'ish *a. and n.* (רענ׳-איש) רהיינישער, וואס געהערט צו דעם טייך רהיין; דער רהיינוויין.
Rhen'ish ar'chitecture (רענ׳-איש אר׳-קי-טעק-טשור) די רהיינישע ארכיטעקטור [די בוי-קונסט אין דער פארם פון רונדע און האלב-רונדע געביידען, וועלכע האט געהערשט אין מיטעלאלטער אין די געגענדען פון דעם טייך רהיין].
rheom'eter *n.* (רי-אמ׳-ע-טער) אן עלעקטראמעטער אדער גאלוואנאמעטער [א מין אינסטרומענט צו מעסטען אן עלעקטרישען שטראם]; א בלוט-מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שנעלקייט פון דער בלוט-צירקולאציאן].
rheomet'ric *a.* (רי-א-מעט׳-ריק) וואס איז שייך צו אן עלעקטראמעטער אדער גאלוואנאמעטער.
rheom'etry *n.* (רי-אמ׳-ע-טרי) אין מאטעמאטיק — דיפערענציאל און אינטעגראל-רעכנונג; גאלוואנאמעטריע [די מעסטונג פון עלעקטרישע שטראמען].
rhe'omotor *n.* (רי׳-א-מאו-טאר) אן עלעקטרישער אפאראט אדער עלעקטרישע באטאריי צו פראדוצירען עלעקטריציטעט.
rhe'ophore *n.* (רי׳-א-פאור) דער פעראייניגונגס-דראט פון א גאלוואנישען אפאראט.
rhe'oscope *n.* (רי׳-א-סקאופ) אן עלעקטראסקאפ [אן אינסטרומענט וואס ווייזט אן אויב עס איז פאראן אן עלעקטרישער שטראם].
rhe'ostat *n.* (רי׳-א-סטעט) א רעאסטאט אדער א ווידערשטאנדס-שפולע [א קאמבינאציאן פון דראט-שפולען דורך וועלכע מען קען רעגולירען אן עלעקטרישען שטראם, מאכענדיג איהם שטארקער אדער שוואכער].
rheostat'ic *a.* (רי-א-סטעט׳-איק) וואס איז שייך צו א רעאסטאט. ז. *rheostat*
rheostat'ics *n.* (רי-א-סטעט׳-איקס) ז. *hydrostatics*
rhe'otome *n.* (רי׳-א-טאום) אן עלעקטרישער שטראם-אונטערברעכער [א פארריכטונג מיט וועלכער מען קען אונטערברעכען פעריאדיש אן עלעקטרישען שטראם].
rhe'otrope *n.* (רי׳-א-טראופ) א רעאטראפ [אן אינסטרומענט צו בייטען פעריאדיש די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם].
rhe'sus mon'key (רי׳-סאס מאנ׳-קי) א מאקאק, איינע פון די פערהייליגטע אפען אין אסט-אינדיען.

Rhesus Monkey

rhe'tor *n.* (רי׳-טאר) א רעדנער, א מליצה-רעדנער; א לעהרער פון רעדען מיט מליצה; א רעטאריקער; א לעהרער פון רעטאריק.
rhet'oric *n.* (רעט׳-אר-איק) רעטאריק, רעדנער-קונסט; מליצה, הויכע פראזען; איבערצייגונגס-קראפט.
rhetor'ical *a.* (רי-טאר׳-אי-קעל) רעטאריש, רעדנעריש, מליצה׳דיג; וואס געהערט צו דער רעדנער-קונסט.
rhetor'ically *adv.* (רי-טאר׳-אי-קעל-אי) אויף א רעטארישען, רעדנערישען אדער מליצה׳דיגען אופן.
rhetori'cian *n. and a.* (רעט-א-ריש׳-ען) א לעהרער פון רעטאריק אדער רעדנער-קונסט; א פראזעאלאג, איינער וואס רעדט מיט הויכע מליצות; וואס איז שייך צו א לעהרער פון רעדנער-קונסט.
rheum *n.* (רוהם) די פליסיגקייט וואס לויפט פון דער נאז אדער פון די אויגען, ווען מען האט א קאטאר.
rheu'ma *n.* (רוה׳-מא) ז. *rheum*
rheumat'ic *a. and n.* (רו-מעט׳-איק) רומאטיש; וואס האט רומאטיזם; וואס איז שייך צו רומאטיזם; איינער וואס ליידעט פון רומאטיזם. ז. *rheumatism*
rheumat'ical *a.* (רו-מעט׳-אי-קעל) רומאטיש. ז. *rheumatic*
rheu'matism *n.* (רוה׳-מע-טיזם) רומאטיזם [א קרענקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין א שטארקען וועהטאג אין די מוסקולען און געלענקען פון גאנצען קערפער אדער פון געוויסע טיילען פון קערפער].
rheumatis'mal *a.* (רוה-מע-טיז׳-מעל) ז. *rheumatical*
rheu'matiz *n.* (רוה׳-מע-טיז) ז. *rheumatism*
rheu'matize *n.* (רוה׳-מע-טיז) ז. *rheumatism*
rheu'matoid *a.* (רוה׳-מע-טאיד) רומאטיש, וואס האט דעם כאראקטער פון רומאטיזם. ז. *rheumatism*

rheumatoi'dal *a.* (רוה-מע-טאי'-דעל) ז. *rheumatoid*.

rheu'my *a.* (רוה'-מי) פול מיט דער פליסינקייט, וואס לויפט פון דער נאז אדער פון די אויגען, ווען מען האט א קאטאר.

rhinæsthe'sia *n.* (ראי-נעס-טהי'-סי-א) דער חוש-הריח.

rhinæsthe'sis *n.* (ראי-נעס-טהי'-סים) ז. *rhinæsthesia*.

rhinæsthet'ics *n.* (ראי-נעס-טהעט'-איקס) די לעהרע וועגען חוש-הריח.

rhi'nal *a.* (ראי'-נעל) וואס איז שייך צו דער נאז.

rhinal'gia *n.* (ראי-נעל'-דזשי-א) א וועהטאג אין דער נאז.

rhine'stone *n.* (ראינ'-סטאון) א מין פאלשער נאכגעמאכטער דימענט.

rhi'no *n.* (ראי'-נאו) געלד, מזומן.

rhinoce'rial *a.* (ראי-נא-סי'-רי-על) ז. *rhinocerical*.

rhinocer'ical *a.* (ראי-נא-סער'-אי-קעל) ווי א נאז-הארן; וואס איז שייך צו א רהינאצערוס אדער נאז-הארן [אזא מין חיה]. ז. *rhinoceros*.

rhinoc'eros *n.* (ראי-נאס'-ע-ראס) א רהינאצערוס, א נאז-הארן [אזא חיה וואס האט א הארן אויף דער נאז].



Rhinoceros

rhinoc'eros-bird *n.* (ראי-נאס'-ע-ראס-בוירד) ז. *rhinoceros-hornbill*.

rhinoc'eros-horn'bill *n.* (ראי-נאס'-ע-ראס-האהרנ'-ביל) דער רהינאצערוס-פויגעל [אזא פויגעל וואס האט א גרויסע אנוואקסונג אויפ'ן שנאבעל ווי א הארן].



Rhinoceros-hornbill

rhinodyn'ia *n.* (ראי-נא-דינ'-אי-א) א וועהטאג אין דער נאז.

rhi'nolith *n.* (ראי'-נא-ליטה) א שטיי-נערדיגער שטאף וואס בילדעט זיך אין דער נאז.

rhinol'ogist *n.* (ראי-נאל'-א-דזשיסט) איינער וואס איז בעקאנט מיט דער וויסענשאפט וועגען דער נאז; א ספעציאליסט אין נאז-קראנקהייטען.

rhinol'ogy *n.* (ראי-נאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער נאז [וועגען דעם אנאטאמישען געבוי און פיזיאלאגישע פונקציאנען].

rhi'noplast *n.* (ראי'-נא-פלעסט) איי-נער וועלכער האט א קינסטליך געמאכטע נאז.

rhinoplas'tic *a.* (ראי-נא-פלעס'-טיק) וואס איז שייך צו א קינסטליך געמאכטער נאז.

rhi'noplasty *n.* (ראי'-נא-פלעס-טי) ריגאפלאסטיק [דאס מאכען קינסטליכע נעזער].

rhinorrha'gia *n.* (ראי-נא-ריי'-דזשי-א) בלוט-פלוס פון דער נאז.

rhi'noscope *n.* (ראי'-נא-סקאופ) א רי-נאסקאפ, אן אינסטרומענט צו אונטער-זוכען די נאז.

rhizan'thous *a.* (ראי-זענ'-טהאס) וואס בליהט גלייך פון ווארצעל [וועגען געוויסע פלאנצען].

rhi'zogen *n.* (ראי'-זא-דזשען) א פא-ראזיטישע פלאנצע וואס וואקסט ארויס פון ווארצעל פון אן אנדער פלאנצע.

rhi'zoid *a.* (ראי'-זאיד) אין באטא-ניק — ווארצעל-פערמיג; ענליך צו א ווארצעל.

rhizo'ma *n.* (ראי-זאו'-מא) ז. *rhizome*.

rhi'zome *n.* (ראי'-זאום) א דיקער ווארצעל אין דער ערד פון וועלכען עס וואקסען ארויס אנדערע ווארצעלעך פון אונטען און בלעטער פון אויבען.

Rhizome

rhizoph'agous *a.* (ראי-זאפ'-ע-גאס) ווארצעל-פרעסענד, וואס ערנעהרט זיך מיט ווארצלען [וועגען געוויסע חיות].

rhi'zopod *a.* (ראי'-זא-פאד) וואס איז שייך צו די ריזאפאדען [א קלאס פון די איינפאכע חיה'לעך]. ז. *Rhizopoda*.

Rhizop'oda *n.* (ראי-זאפ'-א-דא) די ריזאפאדען, דער נידריגסטער קלאס פון די פראטאזאען אדער איינפאכסטע חיה'לעך [דער קערפער פון דיעזע חיה'לעך בעשטעהט פון א שטיקעלע פלאזמע אהן קיינע אברים אויסער א קליינעם קערנדעל און א בלעזעלע וואס קען זיך עטוואס פא-נאנדערציהען און צונויפציהען].

rhizop'odal *a.* (ראי-זאפ'-א-דעל) ז. *rhizopod*.

rhizop'odan *a.* (ראי-זאפ'-א-דען) ז. *rhizopod*.

rhizop'odous *a.* (ראי-זאפ'-א-דאס) ז. *rhizopod*.

Rho'dian *a.* (ראו'-די-ען) וואס איז שייך צו רהאדאס [אן אינזעל פון מיטעל-לענדישען ים ניט ווייט פון קליין-אזיען. די גריכישע בעפעלקערונג פון דיעזען אינזעל האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון אלטערטום].

Rho'dian school of sculp'ture (ראו'-די-ען סקוהל אוו סקאלפ'-טשור) די רהאדישע סקולפטור-שול [איינע פון די בעדייטענדסטע קונסט-שולען פון די אלטע גריכען, וואו עס זיינען בעשאפען געווארען אזעלכע וועלט-בעריהמטע סקולפ-טור-ווערק, ווי דער לאאקאן. ז. *Laocoon*].

rho'dium *n.* (ראו'-די-אם) ראדיום [א מין ווייסער מעטאל וואס איז געפונען גע-ווארען אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט אין פלאטין-ערץ].

Rhododen'dron *n.* (ראו-דא-דענ'-דראן) ראדאדענדראן [אזא מין קוסט אויף וועל-כען עס וואקסען גרויסע ראזעווע בלומען].

Rhododendron

rho'donite *n.* (ראו'-דא-נאיט) ראדא-ניט, א מין שטיין פון א ראזעווען קאליר.

rhomb *n.* (ראמב) אין געא-מעטריע — א ראמבוס [א פיער-זייטיגע פיגור, פון וועל-כער אלע זייטען זיינען גלייך און די געגענזייטען זיינען פא-ראלעל]; א קריסטאל וואו די זייטען זיינען ראמבוסען.

Rhomb

rhom'bic *a.* (ראמ'-ביק) וואס האט די פארם פון א ראמבוס. ז. *rhomb*.

rhom'bical *a.* (ראמ'-בי-קעל) ז. *rhombic*.

rhom'biform *a.* (ראמ'-בי-פארם) ז. *rhombic*.

rhombohe'dral *a.* (ראם-בא-הי'-דרעל) וואס האט די פארם פון א ראמבא-העדראן. ז. *rhombohedron*.

rhombohe'drally *adv.* (ראם-בא-הי'-דרעל-אי) ווי א ראמבאהעדראן. ז. *rhombohedron*.

rhombohe'dric *a.* (ראם-בא-הי'-דריק) ז. *rhombohedral*.

rhombohe'dron *n.* (ראם-בא-הי'-דראן) אין געאמעטריע — א ראמבאהעדראן, א סא-לידער קערפער, וועל-כער האט זעקס ראמ-בוס-פערמיגע זייטען.



Rhombohedron

rhom'boid *n.* (ראמ'-באיד) א ראמבאאיד [א געאמעטרישע פי-גור, אין וועלכער די געגענזייטען זיינען פא-ראלעל און גלייך].

Rhomboid

rhomboi'dal *a.* (ראם-באי'-דעל) וואס זעהט אויס ווי א ראמבאאיד. ז. *rhomboid*.

rhom'bus *n.* (ראמ'-באס) ז. *rhomb*.

rhopal'ic *a.* (רא-פעל'-איק) וואס איז שייך צו א העקזאמעטרישען פערז [ז. *hexameter*] וואו יעדעס ווייטערדי-געווארט האט מיט איין זילבע מעהר ווי דאס פאריגע.

rho'tacise *v.* (ראו'-טע-סאיז) ז. *rhotacize*.

rho'tacism *n.* (ראו'-טע-סיזם) דאס צו-אפט געברויכען א "ר"; דאס שלעכט אויסשפרעכען א "ר"; דאס פערוואנדלען אן אנדער קלאנג אין א "ר".

rho'tacize *v.* (ראו'-טע-סאיז) געברוי-כען צו אפט א "ר"; שלעכט אדער פאלש אויסשפרעכען א "ר"; פערבייטען אנדע-רע קלאנגען אויף א "ר".

rhu'barb *n.* (רוה'-בארב) רעבארבער [אַ עסבארע זיס־זויערע פלאנצע מיט אַ דיקען פלייִשיגען ווארצעל און מיט דיקע פליישיגע בלעטער. דער ווארצעל ווערט גע־ברויכט אלס אן אב־פיהרונגס־מיטעל].

Rhubarb

rhu'barby *a.* (רוה'-בארב-אי) ווי רעבארבער, ענה־ליך צו רעבארבער. ז. *rhubarb*.
rhumb *n.* (ראמב) א רומב, א פונקט אויף'ן קאמפאס וואס בעצייכענט א 32־טעל פון א קרייז; דער גאנג פון א שיף אין ים אין דער ריכטונג פון א רומב.
rhumb'-line *n.* (ראמב'-לאין) ז. *loxodromic line*.
rhyme *n. and v.* (ראים) א פערז פון א געדיכט; א גראם; מאכען גראמען.
rhyme'less *a.* (ראים'-לעס) אהן א גראם, אהן גראמען.
rhym'er *n.* (ראים'-ער) א גראמען־מא־כער.
rhym'ery *n.* (ראים'-ער-אי) דאס גרא־מען מאכען.
rhym'ic *a.* (ראים'-איק) וואס איז שייך צו גראמען.
rhysim'eter *n.* (ראי-סימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט אדער געשווינדקייט פון א שטראם, ווי אויך די געשווינדקייט פון'ם גאנג פון א שיף.
rhythm *n.* (ריטהם) דער ריטם אדער טאקט [א רעגעלמעסיגע וועקסלונג פון שנעלערע און לאנגזאמערע בעוועגונגען, קלאנגען, זילבען אדער טענער].
rhyth'mic *a.* (ריטה'-מיק) ריטמיש, מיט'ן טאקט.
rhyth'mical *a.* (ריטה'-מי-קעל) ז. *rhythmic*.
rhythmical'ity *n.* (ריטה-מי-קעל'-אי-טי) דאס זיין ריטמיש. ז. *rhythm*.
rhyth'mically *adv.* (ריטה'-מי-קעל-אי) אויף א ריטמישען שטייגער; לויט'ן טאקט.
rhyth'mics *n.* (ריטה'-מיקס) די לעהרע וועגען ריטם אדער טאקט ז. *rhythm*.
rhyth'mist *n.* (ריטה'-מיסט) איינער וואס ווייסט די טעאריע פון ריטם אדער טאקט; איינער וואס שאפט א מוזיקא־לישע קאמפאזיציאן לויט די כללים פון ריטם. ז. *rhythm*.
rhyth'mize *v.* (ריטה'-מאיז) פערפאסען אין א ריטמישער פארם.
rhythm'less *a.* (ריטהם'-לעס) אהן ריטם אדער טאקט.
rhythmom'eter *n.* (ריטה-מאמ'-ע-טער) א טאקטמעסטער [אן אינסטרו־מענט צו מעסטען דעם טאקט אין מו־זיק]; א מעטראנאם. ז. *metronome*.
rhyth'mus *n.* (ריטה'-מאס) ז. *rhythm*.
R. I. *Rhode Island* ראשי תבות פון (ראוד אילענד, איינער פון די פעראייניג־טע שטאאטען פון נארד־אמעריקא).
Rial'to *n.* (רי-על'-טאו) די בריק איבער דעם גרויסען קאנאל אין ווענעדיג [ווע־נעציע].
ri'ancy *n.* (ראי'-ען-סי) פרעהליכקייט, לוסטיגקייט.
ri'ant *a.* (ראי'-ענט) שמייכ־לענד, לאכענד, לוסטיג.
rib *n. and v.* (ריב) א ריפ; עטוואס וואס איז ענהליך צו א ריפ און וואס ווערט בענוצט אלס א שטיצע, פערפעסטי־גונג אדער אלס א טייל פון א ראהם [ווי די ריפען פון א שיף, די ריפען פון א געוועלב א. ד. ג.]; א שטרייף; א באנד; א בולט'ער שטרייף אין געוועבטען שטאף; א שטרייף לאנד; א ריפ־שטיק [א שטיק פלייש וואס ענטהאלט א ריפ]; א ווייב; פערשטארקען אדער שטיצען מיט ריפען; מאכען אין בולט'ע שטריי־פען אדער שורות [ווי א געאקערט פעלד, געקרעפטער שטאף א. ד. ג.]; איינשלי־סען ווי אין ריפען; רייניגען פלאקס.


Ribs

rib'ald *n. and a.* (ריב'-עלד) א נידריג־ער מענש, א געמיינער יונג; איינער וואס געברויכט א שמוציגע שפראך, א נבול־פה'ניק; א גראביאן; נידריג, שמו־ציג, געמיין; וואס רעדט נבול־פה.
rib'aldish *a.* (ריב'-על-דיש) שמוציג, געמיין [בעזאנדערס אין ריידען]; וואס רעדט נבול־פה.
He has a ribaldish tongue.
rib'aldry *n.* (ריב'-על-דרי) שמוציגע רייד, נבול־פה.
rib'and *n. and v.* (ריב'-ענד) ז. *ribbon*.
rib'-band *n.* (ריב'-בענד) א קוואדראל־קען וואס ווערט בענוצט ביים בויען א שיף אום דער געשטעל זאל ניט צופאלען ווערען ביז די אויסערע פלאנקעס וועלען ארומגעלעגט ווערען.
ribbed *a.* (ריבד) מיט בולט'ע שטרייפען [ווי ביי ציינג], געקרעפט אין שטרייפען; בעפעסטיגט מיט ריפען.
rib'bing *n.* (ריב'-אינג) ריפען־ווערק [ארבייט וועלכע איז געמאכט אין דער פארם פון ריפען].
rib'ble-rab'ble *n.* (ריב'ל-רעב'ל) א פעבעל, א געמיינער המון; א געמיינע פלוי־דעריי; מאוס'ע רייד, נבול־פה.
rib'bon *n., v. and a.* (ריב'-אן) א באנד, א סטענגע, א לענטע; א זיידען־באנד; אן עהרען־לענטע [ווי פון אן ארדען]; עטוואס וואס איז ענהליך צו א באנד; א שטרייף; בעפוצען מיט באנד, ארומקאנטען אדער ארומציימען מיט באנד; מאכען אדער פארמירען אין לאנגע, שמא־לע שטרייפען אדער סטענגעס; געמאכט פון באנד; געשטרייפט.
rib'bon-bor'dering *n.* (ריב'-אן-באהר'-דער-אינג) דער געברויך פון בלע־טער־פלאנצען פון פערשיעדענע קאלירען אויסגעלעגט אין שטרייפען אלס ראנד פאר בייטען; א פערשיעדען־קאלירטער ראנד פון פלאנצען.
rib'-bone *n.* (ריב'-באון) א ריפ־ביין.
rib'bon-fish *n.* (ריב'-אן-פיש) דער באנד־פיש [אזא מין פיש וואס האט די פארם פון א באנד אדער סטענגע].


Ribbon-fish

rib'bon-grass *n.* (ריב'-אן-גרעס) דאס באנד־גראז [אזא מין געשטרייפט גראז אין גרין און ווייס].
Rib'bonism *n.* (ריב'-אן-איזם) די פרינציפען און מעטאדען פון די באנד־מענער [א געהיימע קאטוילישע געזעל־שאפט אין אירלאנד, וואס האט געהאט די אויפגאבע צו בעקעמפפען דעם ענגלי־שען קעניג ווילליאם דעם דריטען און האט שפעטער אויך ארייננענומען אין איהר פראגראם דעם קאמפף נעגען דעם קלאס פון גרויסע גרונד־בעזיצער].
rib'bon let'ter (ריב'-אן לעט'-ער) א פערציערונגס־בוכשטאב אין דער פארם פון איבערגעפלאכטענע סטענגעס.
rib'bon-line *n.* (ריב'-אן-לאין) א לאנ־גע בייט וואס איז אויסגעזעצט מיט ענג־געפלאנצטע פערשיעדען־פארביגע געוויקסע [געוועהנליך אלס א ראנד].
Rib'bon lodge (ריב'-אן לאדזש) א לאדזש [חברה, פעראיין] פון דער איר־לענדישער באנד־מענער געזעלשאפט. ז. *Ribbonism*.
Rib'bonman *n.* (ריב'-אן-מען) א באנד־מאן, אן אנהענגער פון דער אירלענדישער באנד־מענער געזעלשאפט. ז. *Ribbonism*.
rib'bon-move'ment *n.* (ריב'-אן-מוהוו'-מענט) דער מעכאניזם אין א שרייב־מאשין, וואס רוקט איבער דעם טינט־באנד.
rib'bon-pat'tern *n.* (ריב'-אן-פעט'-ערן) א פערציערונגס־מוסטער [אוזאר], וואס זעהט אויס ווי איבערגעפלאכטענע סטענגעס.
rib'bon-saw *n.* (ריב'-אן-סאה) א באנד־זעג אדער ענדלאזע זעג [א שמאלע, לאנ־גע זעג וואס איז רונד אריבערנעבויגען איבער 2 רעדער, וואס בעוועגען זיך, אזוי אז די זעג האט קיין ענד ניט].
rib'bon-seal *n.* (ריב'-אן-סיעל) דער געשטרייפטער ים־הונד [א מין ים־הינד, ביי וועלכע די זכרים האבען ברייטע ווייסע שטרייפען אויף'ן קאפ און אויף'ן רו־קען].
Rib'bon Soci'ety (ריב'-אן סא-סאי'-ע-טי) די באנד־מענער געזעלשאפט. ז. *Ribbonism*.
rib'bon-work *n.* (ריב'-אן-הוואירק) א בעציערונג אין דער פארם פון איבערגע־פלאכטענע און אראבהענגענדע סטענגעס.

rib'-grass *n.* (ריב'-גראַס) דער ענגלי= שער וועגעריך. ז. *plantain*

rib'less *a.* (ריב'-לעס) וואָס האָט ניט קיין ריפּען; וואָס איז אַזוי פעט, אַז מען קען ניט אַנטאַפּען די ריפּען.

rib'let *n.* (ריב'-לעט) אַ קליינער ריפּ; אַ ניט פאָלשטענדיג ענטוויקעלטער ריפּ.

rib'-piece *n.* (ריב'-פּיעס) אַ שטיק רי= פּען=פליייש צוזאַמען מיט די ריפּען=ביינער [צום בראָטען].

rib'-roast *n. and v.* (ריב'-ראָוסט) אַ שטיק ריפּען=פליייש צוזאַמען מיט די רי= פּען=ביינער [צום בראָטען]; דאָס אַנברע= כען די ביינער; גוט אַנברעכען די ביינער.

rib'-roast'er *n.* (ריב'-ראָוסט'-ער) אַ שטאַרקער קלאַפּ [הויפּטזעכליך אין די ריפּען].

rib'-roast'ing *n.* (ריב'-ראָוסט'-אינג) דאָס אַנברעכען די ביינער.

Rib'ston pip'pin (ריב'-סטאָן פּיפּ'-אין) אַ מין טייערער סאָרט ווינטער=עפּעל.

rib'-vaul'ting *n.* (ריב'-וואָהל'-טינג) אַ ריפּען=געוועלב [אַ געוועלב מיט ריפּען= פאָרמיגע אַרויסשטאַרצונגען].

rib'wort *n.* (ריב'-הוואָירט) דער וועגע= ריך. ז. *plantain*

Ricar'dianism *n.* (רי-קאַר'-די-ענ-איזם) די לעהרע פון דעם ענגלישען עקאָ= נאָמיסט ריקאַרדאָ [געבאָרען אין יאָהר 1772, געשטאָרבען אין יאָהר 1823].

rice *n.* (ראַיס) רייז; די רייז=פלאַנצע.

Rice

rice'-bird *n.* (ראַיס'-בוירד) דער רייז= פויגעל. ז. *bobolink*

rice'-bun'ting *n.* (ראַיס'-באַנ'-טינג) דער רייז=פויגעל. ז. *bobolink*

rice'-drill *n.* (ראַיס'-דריל) אַ מאַשין צו פערזייהען רייז אין אויפגעצעהלטע שורות.

rice'-dust *n.* (ראַיס'-דאַסט) רייז=שטויב, דער אָבפאַל פון רייז [די שאָלעכץ און די צובראָכענע רייז], וועלכע געברויכט אַלס קאָרמע פאַר בהמות].

rice'-embroi'dery *n.* (ראַיס'-עמ-בראָי'-דער-אי) רייז=שפּיצען אָדער קרוי= זשעוועס [געמאַכט אין דער פאָרם פון רייז=קערנדלעך].

rice'-field *n.* (ראַיס'-פיעלד) אַ רייז=פעלד [וואו עס וואַקסט רייז].

rice'-flour *n.* (ראַיס'-פלאַור) רייז=מעהל [געברויכט אַלס מעהל און אַלס פּודער פאַר'ן געזיכט].

rice'-glue *n.* (ראַיס'-גלוה) רייז=קליי [ווערט אויסגעקאָכט פון רייז און ווערט געברויכט פאַר מאָדעלען, ביוסטען א. ז. וו.].

rice'-grain *n.* (ראַיס'-גריין) אַ רייז= קערנדעל; קליינע בונטע פלעקען אויף דער זוו, וואָס ווייזען אויס ווי רייז= קערנדלעך.

rice'-hen *n.* (ראַיס'-הען) די וואַסער= הוהן. ז. *gallinule*

rice'-hull'er *n.* (ראַיס'-האַל'-ער) ז. *rice-mill*

rice'-meal *n.* (ראַיס'-מיעל) ז. *rice-dust*

rice'-milk *n.* (ראַיס'-מילק) מילך=רייז [מילך אויסגעקאָכט און פערדיכטעט מיט רייז].

rice'-mill *n.* (ראַיס'-מיל) רייז=מיהל, אַ מאַשין צו רייניגען רייז [פון דער שאָלעכץ].

rice'-pa'per *n.* (ראַיס'-פּיי'-פּער) רייז= פּאַפּיער [פּאַפּיער געמאַכט פון רייז= שטרוי]; איינער פון די זעהר דינע ווייסע בלעטלעך אָדער פּלאַטען וואָס ווערען גע= מאַכט פון דעם אינוועניגסטען טייל [הערצעל] פון אַ רייז=פּאַפּיער קוסט.

rice'-pa'per tree (ראַיס'-פּיי'-פּער טריע) דער רייז=פּאַפּיער קוסט [אַזאַ קליין בוימעל אָדער קוסט, פון וועמעס הערצעל מען מאַכט דינע ווייסע בלעטלעך וואָס רופען זיך רייז=פּאַפּיער].

rice'-plant'er *n.* (ראַיס'-פּלענט'-ער) אַזאַ זייה=מאַשין פאַר רייז.

rice'-pound'er *n.* (ראַיס'-פּאַונד'-ער) ז. *rice-mill*

rice'-pud'ding *n.* (ראַיס'-פּוד'-אינג) רייז=פּודינג.

rice'-sow'er *n.* (ראַיס'-סאָו'-ער) ז *rice-planter*

rice'-stitch *n.* (ראַיס'-סטיטש) אַ רייז= עהנליכעס אָדער קערן=עהנליכעס אויגעל אין שטריקען קרוזשעווע [שפּיצען].

rice'-sug'ar *n.* (ראַיס'-שוג'-אַר) אַ רייז=קאַנפעקט [צוקערקע].

rice'-troo'pial *n.* (ראַיס'-טרוה'-פּי-על) דער רייז=פויגעל. ז. *bobolink*

rice'-wa'ter *n.* (ראַיס'-הוואָה'-טער) רייז=וואַסער [וואַסער אויסגעקאָכט מיט רייז, געברויכט אַלס געטראַנק פאַר קראַנ= קע].

rice'-wa'ter evacua'tions (ראַיס'-הוואָה'-טער אי-וועק-יו-איי'-שאָנז) די שיטערע צאה פון אַ כאָלערע=קראַנקען.

rice'-wee'vil *n.* (ראַיס'-הוויע'-ווּל) דער רייז=וואָרם אָדער רייז=בויערער [אַן אינזעקט, וואָס שפּייזט זיך מיט רייז און אַנדערע תבואות און ברענגט פּיעל שאָדען די קאָרן=פעלדער אין די זיידליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ און די רייז=פעל= דער אין אינדיען].

Rice-weevil

rice'-wine *n.* (ראַיס'-הוואַין) רייז=וויין [אַ געטראַנק געמאַכט פון רייז, ווערט גע= ברויכט אין כינאַ און יאַפּאַן].

rich *a.* (ריטש) רייך; וואָס פערמאָגט פּיעל, וואָס האָט בשפע; פרוכטבאַר; ווערטהפאָל, פּראַכטפאָל; פון הויכען גראַד אָדער ווערטה; אָנגענעהם, געשמאַק [ווע= גען שפּייזען, קלאַנגען, קאָלירען א. ז. וו.]; אויסערגעוועהנליך, אויסערארדענטליך.

rich (***the***) (ריטש) די רייכע, די גבירים, דער רייכער קלאַס.

rich'es *n.* (ריטש'-עז) רייכקייט, רייכ= טום, עשירות; איבערפלוס, שפע.

rich'ly *adv.* (ריטש'-לי) רייך; פּרעכ= טיג; בשפע, אין איבערפלוס.

rich'ness *n.* (ריטש'-נעס) רייכקייט; רייכטום, איבערפלוס; פרוכטבאַרקייט; פּרעכטיגקייט; אָנגענעהמליכקייט, געשמאַק= קייט.

ricin'ic *a.* (רי-סינ'-איק) ז. *ricinolic*

ricino'leic *a.* (ריס-אי-נאָ'-לי-איק) ז. *ricinolic*

ricinol'ic *a.* (ריס-אי-נאָל'-איק) וואָס איז שייך צו ריצען=אויל, וואָס ענטהאַלט ריצען=אויל.

ricinol'ic ac'id (ריס-אי-נאָל'-איק עס'-איד) ריצען=אויל זויערע.

Ric'inus *n.* (ריס'-אי-נאַס) די ריצען= אויל פלאַנצע. ז. *castor-oil plant*

rick *n. and v.* (ריק) אַ הויפען, אַ קופּע [היי אָדער תבואה]; צוזאַמענלעגען אין אַ הויפען, מאַכען אַ קופּע [פון היי אָדער תבואה].

rick'er *n.* (ריק'-ער) אַ פאַבריקאַנט אַנ= צושאַרען היי און עס צונויפצולעגען אין אַ הויפען.

rick'etily *adv.* (ריק'-עט-אי-לי) וואַקעל= דיג, שוואַך; ווי איינער וואָס ליידט אויף דער ענגלישער קראַנקהייט. ז. *rachitis*

rick'etiness *n.* (ריק'-עט-אי-נעס) דאָס קראַנק זיין אויף דער ענגלישער קראַנק= הייט [ז. *rachitis*]; שוואַכקייט, וואַ= קעלדיגקייט.

rick'etish *a.* (ריק'-עט-איש) ז. *rickety*

rick'ets *n.* (ריק'-עטס) די ענגלישע קראַנקהייט [אַ מין קינדערשע קראַנקהייט, ביי וועלכער די ביינער ווערען ווייך]. ז. *rachitis*

rick'ety *a.* (ריק'-עט-אי) וואָס איז קראַנק אויף דער ענגלישער קראַנקהייט [ז. *rachitis*]; שוואַך, וואַקעלדיג.

ricochet' *n. and v.* (ריק-אָ-שיי') רי= קאָשע, דאָס מאַכען קאַטשקעלעך אָדער דאָס קלאַפּטער וואַרפען [דאָס וואַרפען מיט אַ פלאַכער זאַך איבער דער פלעכע פון וואַסער אַזוי, אַז עס זאָל איינינג מאָל אָבשפּרינגען]; ריקאָשעטירען [מאַכען קאַטשקעלעך אויף'ן וואַסער].

ric'tal *a.* (ריק'-טעל) וואָס איז שייך צו דער עפענונג פון אַ פויגעל=שנאַבעל אָדער פון אַ בלומען=קרוינדעל.

ric'tus *n.* (ריק'-טאַס) די עפענונג פון אַ פויגעל=שנאַבעל; די עפענונג פון אַ בלו= מען=קרוינדעל.

rid *v. and a.* (ריד) בעפרייען [ווי פון אַ לאַסט אָדער שטערונג]; לויז מאַכען אָדער לויז ווערען [פון אַ צרה, פון אַ דאגה]; פּטור ווערען; דערוויטערען; פערטרייבען; בעפרייט; לויז געוואָרען; אָבגעפּטר'ט.

ri'dable *a.* (ראַי'-דעבל) ז. *rideable*

rid'dance *n.* (ריד'-ענס) די בעפרייאונג, דאָס פריי מאַכען; דאָס פּטור ווערען פון עפּעס; דאָס אָבראַמען פון וועג; דאָס פערניכטען; די ערד וואָס ווערט אַרויס= געוואָרפען פון אַ חיה בעת זי גראָבט זיך.

rid'den (ריד'ן) געריטען, געפאָהרען. ז. *ride*

rid'der *n. and v.* (ריד'-ער) דער בע= פרייער [פון אַ לאַסט אָדער צרה]; דער אויסזעער; זיפּען, איבערזיפּען.

rid'dle *n. and v.* (רידל) א רעטעניש, א רעטזעל; אן אומפערשטענדליכע זאך; א פערזאן וועמעס אויפפיהרונג און האנדלונגען זיינען אומפערשטענדליך; א זיפּ, א רעשעטע [פאר זאמד, קארן א. ד. ג.]; דורכזיפּען דורך א זיפּ; מאכען לעכלעך ווי אין א זיפּ; מאכען ווענינער אין קוואנטיטעט [ווי דורך דורכזיפּען]; בענוצען א זיפּ אדער רעשעטע; לייזען א רעטעניש, ערקלערען; געבען צו פערשטעהן; צוטומלען, ברייננען אין א פערלעגענהייט; ריידען מיט רעטענישען.

rid'dle-like *a.* (רידל־לאַיק) ווי א רעטעניש.

riddlemeree' *n.* (רידל־מע־ריע') ז. **rigmarole**.

rid'dler *n.* (ריד'־לער) איינער וואס רעדעט מיט רעטענישען; איינער וואס בענוצט א זיפּ אדער רעשעטע.

rid'dling *a.* (ריד'־לינג) וואס רעדעט מיט רעטענישען; וואס לעגט פאר א רעטעניש; וואס וויל עפּעס טרעפען; רעטזעלהאפט.

rid'dlingly *adv.* (ריד'־לינג־לי) אויף א רעטזעלהאפטען אופן.

rid'dlings *n.* (ריד'־לינגז) די גראבע שטיקלעך וואס בלייבען אין זיפּ נאכדעם ווי מען האט איבערגעזיפּט זאמד, קארן א. ד. ג.

ride *v. and n.* (ראַיד) רייטען; פאהרען; זיך טראגען [ווי א שיף אויף'ן וואסער]; שטעהן אויף'ן אנקער [וועגען א שיף]; ציהען זיך נאך עפּעס; ווערען געטראגען אין דער הויך מיט טריאומף; בעווענען זיך מאַיעסטעטיש אדער מיט גדלות; האבען די אויבערהאנד, הערשען, געוועלטיגען; דינען אלס א מיטעל צום פאהרען אדער רייטען; הויבען זיך אדער ציהען זיך אין דער הויך [ווי א שלעכט געמאכטער ראק וואס ליגט ניט גלאט אויף'ן רוקען]; אריבערטראגען, טראנספּארטירען; דאס פאהרען רייטענדיג; אן אויספאהר: א וועג צום רייטען; א פּלאץ אדער בעצירק וואס ווערט בעוואכט פון רייטענדע פּאליציי־לייט.

ri'deable *a.* (ראַי'־דעבל) אויף וועלכען מען קען רייטען; וואס מען קען דורכגעהן רייטענדיג.

ride about' (ראַיד ע־באוט') ארומרייטען.

ride a hob'by (ראַיד ע האב'־אי) נאכפאלגען נאך א טעאריע אדער געוועהנהייט, וואס איז דער פערזאן בעזונדערס ליעב.

ride and run (ראַיד ענד ראַן) רייטען אזוי גיך ווי מעגליך.

ride and tie (ראַיד ענד טאַי) פּארוייס־רייטען און צובינדען צום סלופּ [ווען צוויי פערזאנען רייטען אויף איין פערד: איינער רייט פאראויס א שטרעקע און דאן שטעלט ער זיך אב און ווארט ביז דער צווייטער קומט אנטקעגען. דאן רייט דער צווייטער א שטרעקע און ווארט פאר'ן ערשטען].

ride at an'chor (ראַיד עט ענ'־קאר) זיין פעראנקערט, שטעהן אויף'ן אנקער אין מיטען וואסער [וועגען א שיף]; פאהרען שטיל.

ride away' (ראַיד ע־הוויי') אוועקרייטען, אבפאהרען.

ride bod'kin (ראַיד באד'־קין) פאהרען אלס א דריטע פערזאן צווישען צוויי אנדערע אין א וועגעל וואו עס קענען זיצען נור צוויי.

ride cir'cuit (ראַיד סויר'־קיט) ארומפאהרען פון ארט צו ארט [וועגען א ריכטער וואס פאהרט ארום אין זיין בעצירק].

ride down (ראַיד דאון) איבערפאהרען אימעצען רייטענדיג; טרעטען מיט די פיס; בעהאנדלען זעהר גראב.

ride ea'sy (ראַיד איע'־זי) געהן לייכט [וועגען א שיף, ווען זי ווארפט ניט און ציהט ניט אן צופיעל די שטריק פון די זעגלען].

ride hard (ראַיד הארד) געהן שווער [וועגען א שיף, וועלכע ווארפט און ציהט אן שטייף די שטריק פון די זעגלען].

ri'dent *a.* (ראַי'־דענט) מיט א ברייטען שמייכעל; מיט א הויכען געלעכטער.

ride off (ראַיד אף) אוועקרייטען.

ride out (ראַיד אוט) האלטען זיך מיט'ן שטראם; אויסשטעהן א שטורם־ווינד [וועגען א שיף אין ים].

ride out a storm (ראַיד אוט ע סטאהרם) אויסהאלטען א שטורם; דורכמאכען א שווערען קאמפּף.

ride o'ver (ראַיד או'־ווער) רייטען איבער איינעמס קאפּ; געוועלטיגען איבער איינעם מיט אכזריות.

ri'der *n.* (ראַי'־דער) א רייטער; א פאהרער; א בערייטער פון פערד, א שטאל־מייסטער; א געשעפטס־רייזענדער; א צוזאץ, א ביילאגע צו א דאקומענט; יעדע פאררירכטונג צו א זאך, וואס איז אויף איהר ארויפגעזעצט ווי רייטענדיג [ווי דאס בעוועגליכע באלאנס־שטיקעל אויף א וואג־שאל א. ד. ג.]; אן אלטפרענקישע גאלדענע מטבע אין האלאנד.

ri'derless *a.* (ראַי'־דער־לעס) וואס האט ניט אויף זיך קיין רייטער.

ride rough'shod (ראַיד ראפ'־שאד) אויספיהרען אן עגאאיסטישען צוועק ניט קוקענדיג וועלכע פאלגען עס זאל ניט ברייננען פאר אנדערע.

ride rus'ty (ראַיד ראס'־טי) זיך פערעקשנ'ען, זיך אנטקעגענשטעלען, זיך ניט וועלען אונטערווארפען.

ride the black don'key (ראַיד טהי בלעק דאנ'־קי) זיין אין א שלעכטער לוינע.

ride the high horse (ראַיד טהי האי האהרס) פעררייסען דעם קאפּ, אננעהמען א שטאלצע מינע, רעדען אדער האלטען זיך מיט גדלות.

ride to hounds (ראַיד טו האונדז) רייטען דירעקט נאך די הינד [אין יאגד אויף א פוקס].

ridge *n. and v.* (רידזש) א בערג־רוקען, א בערג־קאם; דער רוקען פון א חיה; די וואגע אדער אקער־שניט [דער שטריף ערד וואס ווערט ארויפגעאקערט מיט'ן פלוג]; דער שפּיץ פון א דאך; אויפהויבען אדער זיין אויפגעהויבען אין קנייטשען; מאכען בולט'ע שטרייפען אדער שורות [ווי א געאקערט פעלד].

ridge'-band *n.* (רידזש'־בענד) דער זאטעל־רימען.

ridged *a.* (רידזשד) וואס האט א רוקען, וואס האט א קאנטיגען אויסגעשטארצטען רוקען־ביין; אויסגעשטארצט ווי א רוקען־ביין; קאנטיג; שטרייפיג.

ridge'-drill *n.* (רידזש'־דריל) א זייה־מאשין צו זייהען צווישען די וואגען אדער אקער־שורות פון אן אויפגעאקערטען פעלד.

ridge'-fil'let *n.* (רידזש'־פיל'־עט) אין ארכיטעקטור — א רינג אדער קארניז צווישען צוויי פערטיעפונגען אויף א זייל אדער וואנד.

ridge'-har'row *n.* (רידזש'־הער'־או) אזא בראנע וואס קען בעריהרען ביידע זייטען פון אקער־שטרייף אויף אן אויפגעאקערטען פעלד.

ridg'el *n.* (רידזש'־על) א האלב קאסטרירטער באק [א באק, וועלכען מען האט אויסגעשניטען נור איין איי].

ridge'let *n.* (רידזש'־לעט) א קליינע וואגע אדער אקער־שורה.

ridge'ling *n.* (רידזש'־לינג) ז. **ridgel**.

ridge'-pole *n.* (רידזש'־פּאול) דער קווערבאלקען אויף'ן שפּיץ דאך, וואו עס קומען זיך צונויף די קראקוועס אדער דאך־אונטערשטיצער.

ridge'-tile *n.* (רידזש'־טאַיל) א געבויגענע דאך־פאן אדער דאכאוועקע [א מין אויסגעבויגענער דאך־ציגעל וואס לעגט זיך אוים אויף'ן שפּיץ פון א דאך].

ridg'il *n.* (רידזש'־איל) ז. **ridgel**

ridg'ling *n.* (רידזש'־לינג) ז. **ridgel**

ridg'y *a.* (רידזש'־אי) בערג־און־טהאליג, מיט מעזשעס און בערגלעך; מיט ריגעס; מיט קנייטשעך.

rid'icule *n. and v.* (ריד'־אי־קיול) שפּאט, אבלאכעריי; א רידיקול [א קליין געפלאכטענ זעקעלע, וואס פרויען טראגען אין האנד]; מאכען חוזק פון אימעצען; אבלאכען.

rid'iculer *n.* (ריד'־אי־קיו־לער) אן אבלאכער, איינער וואס מאכט חוזק פון עפּעס.

ridiculos'ity *n.* (רי־דיק־יו־לאס'־אי־טי) א לעכערליכע זאך; עפּעס וואס רופט ארויס שפּאט אדער געלעכטער.

ridic'ulous *a.* (רי־דיק'־יו־לאס) לעכערליך; וואס רופט ארויס שפּאט אדער געלעכטער.

ridic'ulously *adv.* (רי־דיק'־יו־לאס־לי) אויף א לעכערליכען אדער אבסורדען שטייגער.

ridic'ulousness *n.* (רי־דיק'־יו־לאס־נעס) לעכערליכקייט; דאס זיין לעכערליך אדער אבסורד.

ri'ding *n.* (ראַי'־דינג) דאס רייטען; דאס פאהרען.

ri'ding cul'tivator (ראַי'־דינג קאל'־טי־וויי־טאר) א קולטיוואטאר, א יעט־מאשין [אזא מאשין צום פאלען פעלדער אדער גערטנער, וועלכע ווערט געצויגען פון א פערד].



Riding Cultivator

ri'ding-hab'it *n.* (ראַי'־דינג־העב'־איט) א רייזע־קלייד, א רייט־קלייד [פון א פרויענצימער].

ri'ding-hood *n.* (ראַי'־דינג־הוד) א רייזע־קאפּע [א מין קאפּושאן וואס פרויען פלעגען טראגען אין 18טען יאהרהונדערט].

ri'ding-mas'ter *n.* (ראַי'־דינג־מעס'־טער) א שטאל־מייסטער; א רייט־לעהרער.

ri′ding-robe *n.* (ראי′-דינג-ראוב) ז. *riding-habit*

ri′ding-school *n.* (ראי′-דינג-סקוהל) א רייט=שוהל [א שוהל וואו מען לערענט רייטען אויף פערד].

ri′ding-whip *n.* (ראי′-דינג-הוויפּ) א קליין בייטשעל וואס ווערט בענוצט פון רייטער.

ridot′to *n.* (רי-דאט′-או) א פערזאמלונגס=פלאץ [א הויז אדער א זאאל פאר פערזאמלונגען]; א קאנצערט; א מאסקאראד=באל.

Ries′ling *n.* (ריעס′-לינג) ריעסלינג=וויין [א מין טייערער וויין, וועלכער ווערט פראדוצירט אין די רהיין=געגענדען פון דייטשלאנד און אויך אין קאליפארניע אין אמעריקא].

riet′boc *n.* (ריעט′-באק) ז. *rietbok*

riet′bok *n.* (ריעט′-באק) דער ריעטבאק [אזא זיד=אפריקאנישע אנטילאפע].

rifacimen′to *n.* (רי-פא-טשי-מענ′-טא) דאס בענייען אדער צופאסען צו דער נייער צייט [וועגען א ליטערארישען אדער מוזיקאלישען ווערק].

rife *a.* (ראיף) 1. אין איבערפלוס, רייך אין עפעס, צאהלרייך; 2. פול, איבערפילט; 3. הערשענד, אלגעמיין אנגענומען, פערשפרייט; 4. מעגליך, לייכט.

1. The rain has been very rife this summer.
2. The meeting was rife with quarrels.
3. Rumors of a disaster were rife.

rife′ly *adv.* (ראיפ′-לי) אויף אן איבערפילטען, אפטען אדער אלגעמיינעם שטייגער.

rife′ness *n.* (ראיפ′-נעס) די פיעלקייט; די אפטקייט; די אלגעמיינהייט.

rif′fler *n.* (ריפ′-לער) א קליינע האלב=אויסגעבויגענע פייל וואס ווערט בענוצט צו פיילען אין זעהר קליינע פערטיעפונגען.

riff′raff *n.* (ריפ′-רעף) דער אבזאץ, די פסולת; דער אויסוואורף; דער פראסטער המון; אן ערב=רב.

ri′fle *n.* and *v.* (ראיפל) 1. א ביקס; א סאלדאט בעוואפענט מיט א ביקס, א קאראבינער; 2. אבנעהמען עפעס מיט געוואלט; בערויבען, בע׳גזל׳ענען; גנב׳ענען, רויבען; 3. אויסשניידען פערטיעפונגען אין דעם ראהר פון א ביקס.

2. The burglars rifled the safe.



Rifle

ri′fle-bird *n.* (ראי′פל-בוירד) א מין אויסטראלישעס פאראדיז=פויגעלע מיט א לאנגען אויסגעבויגענעם שנאבעל.

Rifle-bird

ri′fleman *n.* (ראי′פל-מען) א קאראבינער, א סאלדאט בעוואפענט מיט א ביקס.

ri′fler *n.* (ראי′-פלער) א רויבער, א פלינדערער; א פאלק=פויגעל אדער סאקאל, וואס לאזט זיך ניט לערנען צום געיעג.

ri′fling *n.* (ראי′-פלינג) דאס רויבען, דאס ראבירען אדער פלינדערען; דאס אויסשניידען ספּיראלע פערטיעפונגען אין דעם ראהר פון א ביקס.

ri′fling-machine′ *n.* (ראי′-פלינג-מע-שין′) א מאשין אויסצושניידען ספּיראלע פערטיעפונגען אין דעם ראהר פון א ביקס.

rift *v.*, *n.* and *a.* (ריפט) רייסען, שפּאלטען; א ריס, א שפּאלט; געשפּאלטען.

rig *v.* and *n.* (ריג) אנטהאן, בעפּוצען, דעקארירען; בעזארגען א שיף מיט שטריק און קאנאטען; בעזארגען מיט די נויטיגע מאטעריאלען צו כאפּען פיש מיט א ווענטקע; דאס בעזארגען א שיף מיט שטריק; די נויטיגע מאטעריאלען צו כאפּען פיש מיט א ווענטקע.

rigadoon′ *n.* (ריג-ע-דוהן′) דער ריגאדאן [א מין לוסטיגער טאנץ]; די מוזיק פאר אזא טאנץ.

riga′tion *n.* (ראי-גיי′-שאן) דאס בעוואסערען [פעלדער].

rig′ger *n.* (ריג′-ער) אויף א שיף — א שטריק=מייסטער [דער ווער עס האט אויפצופאסען אויף די שטריק]; אין א מאשין — א האנד=רעדעל מיט א געבויגענעם ראנד.

rig′ging *n.* (ריג′-אינג) דאס שטריק=ווערק פון א שיף.

rig′ging-loft *n.* (ריג′-אינג-לאהפט) א ווערק=שטוב וואו מען מאכט די שטריק=ווערק פון א שיף; דאס ארט אונטער׳ן דאך פון א טעאטער, פון וועלכען עס ווערען ארונטערגעלאזען אויף שטריק די דעקאראציאנען.

rig′gish *a.* (ריג′-איש) צולאזען, פערשייט, ווילד.

rig′gite *n.* (ריג′-איט) א שפאס=טרייבער; איינער וואס טהוט אב א שפיצעל.

right *a.*, *adv.*, *n.* and *v.* (ראיט) רעכט, גראד, דירעקט; רעכטפערטיג, בדרך הישר; גערעכט, גוט; גערעכטיג; ריכטיג, גענוי, אין ארדנונג; פאסענד; רעכטס; אין א גראדער ריכטונג; אויף א רעכטען אדער ריכטיגען שטייגער; דאס רעכט; דאס אייגענטומס=רעכט; די אויטאריטעט; די פליכט; די געהעריגע ארדנונג; די רעכטע זייט; די רעכטע האנד; די גערעכטיגקייט; רעכטפערטיגען, פערטיידיגען; מאכען רעכט אדער אין ארדנונג.

right! *int.* (ראיט) ריכטיג! דירעקט!

right about′ ! (ראיט ע-באוט′) אין מיליטער — א קאמאנדע די סאלדאטען זאלען זיך האלב אומדרעהען נאך רעכטס.

right against′ (ראיט ע-גענסט′) גראד געגענאיבער.

right ahead′ (ראיט ע-העד′) גראד פון פארענט, גלייך פארויס.

right along′ (ראיט ע-לאהנג′) אונאונטערבראכען.

right and left (ראיט ענד לעפט) רעכטס און לינקס, אין אלע ריכטונגען.

right an′gle (ראיט ענגל) א רעכטער אדער גלייכער ווינקעל [א ווינקעל פון 90 גראד].

right′-an′gled *a.* (ראיט′-ענ′גלד) רעכט=ווינקעלדיג, מיט א גלייכען ווינקעל, מיט א ווינקעל פון 90 גראד.

right au′ricle (ראיט אה′-ריקל) דאס רעכטע אויבערשטע קעמערעל פון הארץ, אין וועלכען דאס בלוט פליסט אריין דורך די וועגען און ווערט פון דארטען געטריבען צו די אונטערשטע קעמערלעך. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

right away′ (ראיט ע-הוויי′) גלייך, זאפארט.

right cone (ראיט קאון) א גלייכער קאנוס [א קאנוס וועמעס אקס איז זענקרעכט אדער פערפענדיקולאר און פאלט אריין אין מיטעלפונקט פון באזיס].

right down (ראיט דאון) גראד ארונטער; אפען און פראסט; אהן צערעמאניעס; אפענהערציג.

right′en *v.* (ראיטן) גראד מאכען; רעכט מאכען.

right′eous *a.* (ראי′-טשיאס) רעכטפערטיג, גערעכטיג; גערעכט.

right′eously *adv.* (ראי′-טשיאס-לי) אויף א רעכטפערטיגען אופן.

right′eousness *n.* (ראי′-טשיאס-נעס) גערעכטיגקייט, רעכטשאפענהייט, רעכטפערטיגקייט.

right′er *n.* (ראיט′-ער) איינער וואס מאכט רעכט אדער גוט אן אונגערעכטע זאך.

right′ful *a.* (ראיט′-פול) רעכט, רעכטמעסיג, גערעכט.

right′fully *adv.* (ראיט′-פול-אי) אויף א גערעכטען אדער רעכטמעסיגען שטייגער.

right′fulness *n.* (ראיט′-פול-נעס) רעכטמעסיגקייט, גערעכטיגקייט.

right′-hand *a.* (ראיט′-הענד) וואס איז שייך צו דער רעכטער האנד; וואס דיענט אלס די רעכטע האנד; זעהר בעהילפיג.

right′-han′ded *a.* (ראיט′-הענ′-דעד) רעכט=הענטיג, וואס טהוט אלעס מיט דער רעכטער האנד; וואס איז געלענקט פון לינקס צו רעכטס.

right′-han′dedness *n.* (ראיט′-הענ′-דעד-נעס) דאס זיין רעכט=הענדיג, דאס טהאן אלץ מיט דער רעכטער האנד; דאס זיין געשיקט אין דער ארבייט.

Right Hon′orable (ראיט אנ′-אר-עבל) דער זעהר הויכווירדיגער [א טיטול פון הויכע בעאמטע].

right′ly *adv.* (ראיט′-לי) גראד, רעכטליך, מיט רעכט; אויף א גראדען, רעכטליכען אדער פאסענדען שטייגער.

right′-min′ded *a.* (ראיט′-מאינ′-דעד) מיט א גלייכען שכל; מיט א ריכטיגען פערשטאנד.

right′-min′dedness *n.* (ראיט′-מאינ′-דעד-נעס) דאס האבען א גלייכען שכל אדער ריכטיגען פערשטאנד.

right′ness *n.* (ראיט′-נעס) גראדקייט; ריכטיגקייט; גענויאיגקייט.

right of em′inent domain′ (ראיט אוו עמ′-אי-נענט דא-מיין′) דאס רעכט פון דער רעגיערונג צו פערנעהמען לטובת הכלל איינעמס אייגענטום, אבצאהלענדיג איהם דערפאר.

right of expatria′tion (ראיט אוו עקס-פיי-טרי-איי′-שאן) דאס רעכט צו ווערען א בירגער פון אן אנדער לאנד.

right off (ראיט אף) גלייך, זאפארט.

Call a doctor right off.

right of peti′tion (ראיט אוו פי-טיש′-אן) דאס רעכט פון פאלק צו דערלאנגען א פעטיציע דער רעגיערונג, אנווייזענדיג אויף זאכען מיט וועלכע דאס פאלק איז אונצופריעדען.

right of search (ראיט אוו סוירטש)

אין אינטערנאַציאָנאַלען רעכט — דאָס רעכט פון אַ קריעגס־שיף וואָס בעלאַנגט צו אַ מדינה, וועלכע פיהרט מלחמה, אָבצושטעלען אויף׳ן ים אַ האַנדעלס־שיף פון אַ נייטראַלער מלוכה און אונטערזוכען צי פיהרט זי ניט מיליטערישע פּריפּאַסען און אַנדערע קאָנטראַבאַנדע.

right of vis′it (ראַיט אָוו וויז׳־איט) דאָס רעכט צו בעזוכען [פון אַ קריעגס־שיף, דאָס רעכט צו אונטערזוכען, אויב אַ האַנדעלס־שיף האָט דאָס רעכט צו פאָהרען אונטער דעם פלאַג אונטער וועלכען זי פאָהרט].

right of way (ראַיט אָוו הוויי) דאָס וועג־רעכט [דאָס רעכט צו געברויכען אַ וועג].

right on (ראַיט אָן) גלייך.

right rev′erend (ראַיט רעוו׳־ע־רענד) הויכווירדיג [דער טיטול פון אַ בישאָף].

right ven′tricle (ראַיט ווענ׳־טריקל) דאָס רעכטע אונטערשטע קעמערל פון האַרץ.

ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

right′ward *adv.* (ראַיט׳־הוואַרד) רעכטסווערטס, אין דער ריכטונג צו רעכטס.

right well (ראַיט הוועל) רעכט גוט.

right whale (ראַיט הווייל) אַזאַ מין וואַלפיש וואָס האָט אַ גרויסען קאָפּ און לאַנגע שפּיציגע האָרן־פּלאַטען אין גומען.

rig′id *a.* (רידזש׳־איד) וואָס לאָזט זיך ניט בויגען; אונבויגזאַם, שטייף, פעסט, שטרענג, האַרט.

rigid′ity *n.* (רי־דזשיד׳־אי־טי) אונבויגזאַמקייט, שטייפקייט; האַרטקייט; פעסטקייט; שטרענגקייט.

rig′idly *adv.* (רידזש׳־איד־לי) אויף אַן אונבויגזאַמען, שטייפען אָדער שטרענגען שטייגער.

rig′idness *n.* (רידזש׳־איד־נעס) ז. ***rigidity***

rigleen′ *n.* (ריג־ליען׳) אַ מין אויערינגעל.

rig′let *n.* (ריג׳־לעט) אַ שמאָלע לייסט; אַ ליניע וואָס ווערט אַריינגעשטעלט צווישען די צייל̇ען פון דרוק־שריפט.

rig′marole *n.* (ריג׳־מע־ראָול) פּוסטע רייד, פּלוידעריי.

rigolette′ *n.* (ריג־אָ־לעט׳) אַ מין טיכעל אָדער שאַרף וואָס פרויען פלעגען טראָגען אויף׳ן קאָפּ.

rig′or *n.* (ריג׳־אָר) שטייפקייט, האַרטקייט; אונבויגזאַמקייט; שטרענגקייט; גרויזאַמקייט, אונפריינדליכקייט; אין מעדיצין — אַ שוידער.

rig′orism *n.* (ריג׳־אָר־איזם) ריגאָריזם, איבערטריבענע שטרענגקייט, דאָס מקפּיד זיין אויף יעדע מינדעסטע קלייניגקייט [בעזונדערס אין זיטען און מדות]; אין דער קאַטוילישער טעאָלאָגיע — די לעהרע, אַז ווען ביי איינעם ערוועקט זיך אַ מינדעסטער חשד וועגען די כשר׳קייט אָדער רעכטמעסיגקייט פון אַ געוויסער זאַך, זאָל ער זי ניט טהאָן, פּונקט ווי זי וואָלט געווען בפירוש פערבאָטען.

rig′orist *n. and u.* (ריג׳־אָר־איסט) דער ריגאָריסט, איינער וואָס איז צו שטאַרק מקפּיד אויף יעדער קלייניגקייט [בנוגע צו זיטען, צום סטיל א. ד. ג.]; וואָס איז שייך צו ריגאָריזם. ז. ***rigorism***

rig′orous *a.* (ריג׳־אָר־אָס) שטייף, פעסט, שטרענג, האַרט.

rig′orously *adv.* (ריג׳־אָר־אָס־לי) אויף אַ שטרענגען, פעסטען אָדער האַרטען שטייגער.

rig′orousness *n.* (ריג׳־אָר־אָס־נעס) שטרענגקייט, האַרטקייט, פעסטקייט, שטייפקייט.

rig′our *n.* (ריג׳־אָר) ז. ***rigor***

rig′ourism *n.* (ריג׳־אָר־איזם) ז. ***rigorism***

rig′-out *n.* (ריג׳־אַוט) די אויסשטאַטונג.

Rigs′dag *n.* (ריגז׳־דעג) דער ריגסדאַג, דער דענישער פּאַרלאַמענט.

rigs′daler *n.* (ריגז׳־דאַ־לער) דער ריקס־טאַלער [אַ זילבערנע מטבע אין דענעמאַרק. האָט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 54 סענט].

Rig-Ve′da *n.* (ריג־וויי׳־דאַ) די ריג־ווערא, דאָס הויפּט־בוך פון די וועדאַס [די אינדישע הייליגע שריפטען]. ז. ***Veda***

riks′daler *n.* (ריקס׳־דאַ־לער) ז. ***rigsdaler***

rilie′vo *n.* (רי־ליעי׳־וואָ) רעליעף־אַרבייט [דאָס מאַכען פיגורען וואָס זיינען בולט, ווי אויף געלד].

rill *n. and v.* (ריל) אַ קליין טייכעל; פליסען, רוישען [ווי אַ קליין טייכעל].

rill′et *n.* (ריל׳־עט) אַ קליין טייכעל.

rim *n. and v.* (רים) אַ ברעג; אַ לייסט; אַ רייף אָדער שינע אַרום אַ ראָד; אַרומלעגען אַ רייף.

rime *n. and v.* (ראַים) ווייסער פראָסט, טהוי־פראָסט; פריהרען [וועגען טהוי]; אַ געדיכט, אַ גראַם; פערפאַסען אין גראַמען, מאַכען גראַמען. ז. ***rhyme***

ri′mer *n.* (ראַי׳־מער) אַ גראַמען־מאַכער; אַ בויערער, איינער וואָס עגבערט דורך אַ לאָך; אין אַ פעסטונג — אַ פּאַליסאַדע, אַ צאַם אָדער פּאַרקאַן פון אַריינגעשלאָגענע קלעצער.

rime′ster *n.* (ראַים׳־סטער) אַ גראַמען־מאַכער, אַ גראַמען־פלעכטער, אַ כלומרש׳דיגער פּאָעט.

rime to death (ראַים טו דעטה) פערניכטען, פּטר׳ען; פּטור ווערען פון עפּעס.

rim′less *a.* (רים׳־לעס) אָהן אַ ראַנד, אָהן אַ רייף.

rim′-lock *n.* (רים׳־לאָק) אַ קאַסטען־שלאָס, אַ הענג־שלאָס [אַ שלאָס וואָס הענגט אויף דער קליאַמקע].

rimmed *a.* (רימד) מיט אַ ראַנד; וואָס האָט אַ ראַנד.

rim′mer *n. and v.* (רימ׳־ער) אַזאַ געצייג אויסצודריקען פיגורען אויף קוכען אָדער טאָרט; אַזאַ מעסער וואָס ווערט בענוצט אין בעשניידען די בייכלעך פון פיש ווען מען קאָנזערווירט זיי; אַן אינסטרומענט צו פערגרעסערען אַ לאָך; פערגרעסערען אַ לאָך.

ri′mose *a.* (ראַי׳־מאָוס) נעשפּאָלטען, בעדעקט מיט שפּאַלטען [ווי קאָרע]; פול מיט שפּאַלטען.

ri′mosely *adv.* (ראַי׳־מאָוס־לי) האָבענדיג אַ סך שפּאַלטען; אויף אַן אָנגעקאָרטשעטען שטייגער.

rimos′ity *n.* (ראַי־מאָס׳־אי־טי) דאָס האָבען פיעל שפּאַלטען.

ri′mous *a.* (ראַי׳־מאָס) ז. ***rimose***

rim′ple *n. and v.* (רימפּל) אַ קנייטש, אַ פאַלב; קנייטשען; פליסען מיט קליינע וועלען.

ri′my *a.* (ראַי׳־מי) בעדעקט מיט טהוי־פראָסט; קאַלט.

rind *n. and v.* (ראַינד) פעל, הויט, שאָלעכץ, קאָרע; אָבשיילען; אָבשינדען די פעל; אַראָבנעהמען די קאָרע.

rin′ded *a.* (ראַינ׳־דעד) וואָס האָט אַ הויט אָדער פעל; בעדעקט מיט אַ קאָרע אָדער שאָלעכץ.

rin′derpest *n.* (רינ׳־דער־פּעסט) אַ רינדער־פּעסט, אַ מגפה אויף בהמות.

rin′dy *a.* (ראַינ׳־די) ז. ***rinded***

rinforzan′do *a.* (רינ־פאָהר־טסענ׳־דאָ) אין מוזיק — מיט בעטאָנונג [פון אַ געוויסער נאָטע].

rinforza′to *a.* (רינ־פאָהר־טסאַ׳־טאָ) ז. ***rinforzando***

roust'about *n.* (ראוסט'-ע-באוט) א האפען־ארבייטער, א שיף־ארבייטער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי צופעליגער ארבייט.

rous'ter *n.* (ראוס'-טער) ז. *roustabout*.

rout *n. and v.* (ראוט) א שטארקער ליארם אדער גערויש; א טומעל; אן אויפרוהר; א צונויפלויף, א נעזעמעל, א צונויפגעלאפענער המון; א מחנה; א גרויסע געזעלשאפטליכע פערזאמלונג; א גרויסע פערזאמלונג פון געסט; א נידערלאגע, א מפלה; איבערקעהרען, אויסריהען; ריהען, גראבען מיט'ן שנוק [ווי א חזיר]; אויסגראבען, פערטיעפען, אויסשניידען; בריינגען צו א נידערלאגע, צווינגען צו אנטלויפען אין אונארדנונג דורך א נידערלאגע; פעריאגען, פערטרייבען.

rout'-cake *n.* (ראוט'-קייק) אזא קליינער זארט קוכען פאר אבענד־געזעלשאפטען.

route *n.* (רוהט) א וועג; א קורס, א ריכטונג; א רייזע־ריכטונג; א מארשרוט.

routin'ary *a.* (רוה-טינ'-ע-רי) וואס איז רוטין, וואס איז געוועהנליך, וואס איז אין דער געוועהנליכער ארדנונג.

routine' *n. and a.* (רוה-טין') די רוטינע, דער געוועהנליכער קורס אדער גאנג פון ארבייט אדער בעשעפטיגונג; די בעשטענדיגע אדער געוועהנליכע ארדנונג; דאס טהאן דיזעלבע זאכען אויף דעמזעלביגען אופן; וואס איז רוטין, וואס טהוט די ארבייט כסדר אויף דעמזעלבען שטייגער.

rout out (ראוט אוט) ארויסריהען, אויסגראבען.

rove *v. and n.* (ראווו) ארומוואנדערען, ארומטרייבען זיך, ארומשלאיען זיך; פיהרען א לעבען פון א בראדיאגע אדער פון א רויבער; דורכוואנדערען; צוציהען אין פעדים; אויסציהען וואל אדער בוימוואל און לייכט צונויפדרעהען ווי דאס ווערט געטהאן פאר דעם שפינען; דורכציהען דורך א לעכעל אדער אויערעל; דורכגעצויגען דורך א לעכעל, אויערעל אדער בלאק [ז. *reeve*]; ציעלען א פייל [ניט אין א בעשטימטען ציעל]; ארומשלייפען אדער ארומהובלען א רונדע זאך אום צו פערקלענערען איהר דיאמעטער; דאס ארומוואנדערען, דאס ארומשלאיען זיך; א ראלע וואל אדער בוימוואל וואס איז אויסגעצויגען און לייכט צונויפגעדרעהט ווי צום שפינען; א מעטאלענע רינג־פלאטע וואס ווערט בענוצט צו פערניטעווען א טשוואק.

ro'ver *n. and v.* (ראו'-ווער) אן ארומוואנדערער, אן ארומטרייבער; א ניט־בעשטענדיגער מענש; א ים־רויבער, א פיראט; א פייל און בויגען שיסער וואס שיסט ניט אין א פעסט־בעשטימטען ציעל; א בויגען־שאס ניט אין קיין פעסט־בעשטימטען ציעל; אין קראקעט־שפיעל — א באל וואס איז שוין דורכגעגאנגען אלע טויערלעך און דארף נור אבגעקלאפט ווערען אן דעם שטאק, אז דאס שפיעל זאל געוואונען זיין; דער שפיעלער וועמענס באל איז אין אזא צושטאנד; אין ארכיטעקטור — א געזימס אונטער א געבויגענער אדער געדרעהטער ליניע; שיסען אהן א ציעל.

ro'ving *n.* (ראו'-ווינג) דאס ארומוואנדערען, דאס ארומטרייבען זיך; דאס שיסען מיט א פייל און בויגען ניט אין קיין פעסט־בעשטימטען ציעל; דאס אויסציהען א ראלע וואל אדער בוימוואל צוצוגרייטען צום שפינען; אויסגעצויגענע און לייכט צונויפגעדרעהטע וואל אדער בוימוואל ווי עס ווערט צוגעגרייט צום שפינען.

ro'ving-machine' *n.* (ראו'-ווינג-מע-שין') א פארשפין־מאשין [א מאשין אויסצוציהען וואל אדער בוימוואל פארצובערייטען עס צום שפינען].

ro'ving-plate *n.* (ראו'-ווינג-פלייט) א שטאלענע פלאטע וואס ווערט בענוצט ארומצושלייפען דעם ראנד פון א ראטירענדען שלייף־שטיין, אז ער זאל זיין פאלשטענדיג רונד.

ro'ving shot (ראו'-ווינג שאט) א שאס אהן א ציעל, א שאס אין דער וועלט אריין.

row *v. and n.* (ראו) רודערען, אנטרייבען א שיפעל מיט רודערס; ארבייטען מיט די רודערס; געטריבען ווערען דורך רודערס; אויסשטעלען אין א רייה אדער שורה; דאס רודערען; א שורה, א רייה.

row *n. and v.* (ראו) א גערויש, א ליארם, א סומאטאכע, א סקאנדאל, א טומעל; זידלען, בעליידיגען; צוקאליעטשען אדער צושטערען דורך א ווילדער בענעהמונג אדער אויפפיהרונג; זיך ווילד בענעהמען, זיך אריינלאזען אין א ליארמדיגען שטרייט אדער סקאנדאל.

row'an *n.* (ראו'-ען) דער ווילדער יאסען אדער דער בערג־יאסען [אזא בוים פון הארטען האלץ אויף וועלכען עס וואקסען אזא זארט רויטע יאגדעס]; א ראבינעס־בוים; די יאגדעס פון ווילדען יאסען; ראבינעס.

row'an-ber'ry *n.* (ראו'-ענ-בער'-אי) די יאגדעס פון ווילדען יאסען, ראבינעס.

row'an-tree *n.* (ראו'-ען-טריע) דער ווילדער יאסען, דער ראבינעס־בוים. ז. *rowan*.

row'boat *n.* (ראו'-באוט) א רודער־שיף.

row'-de-dow *n.* (ראו'-די-דאו) ז. *rowdydow*.

row dry (ראו דראי) טרוקען רודערען [רודערען אזוי, אז עס זאל ניט שפריצען קיין וואסער אין שיפעל].

row'dy *n. and a.* (ראו'-די) א ליארממאכער, א סקאנדאליסט; ליארמדיג, סקאנדאליסטיש.

row'dydow *n.* (ראו'-די-דאו) א ליארם, א גערויש; א גערויש ווי דאס קלאפען אין א פויק.

row'dy-dow'dy *a.* (ראו'-די-דאו'-די) ליארמדיג, גערוישיג, טומעלדיג.

row'dyish *a.* (ראו'-די-איש) וואס מאכט ליארם, וואס מאכט סקאנדאלען.

row'dyism *n.* (ראו'-די-איזם) א סקאנדאליסטישע אויפפיהרונג.

rowed *a.* (ראוד) אויסגעשטעלט אין שורות אדער רייהען; וואס האט שורות אדער רייהען; געשטרייפט.

row'el *n. and v.* (ראו'-על) א שפארען־רעדעל; א רעדעלע מיט שפיציגע צייהנער; בענוצען דאס שפארען־רעדעל, א קלאפ געבען מיט די שפארען; בעזארגען מיט א שפארען־רעדעל.

row'el-spur *n.* (ראו'-על-ספויר) א שפארען וואס האט א רעדעל מיט שפיצען.

row'en *n.* (ראו'-ען) דער צווייטער היי־שניט פון א לאנקע אין דעמזעלבען יאהר.

row'er *n.* (ראו'-ער) א רודערער [איינער וואס טרייבט א שיפעל מיט רודערס].

row'er *n.* (ראו'-ער) א סקאנדאליסט.

row'ing *n.* (ראו'-אינג) דאס רודערען, דאס אנטרייבען א שיפעל דורך רודערען.

row'lock *n.* (ראו'-לאק) א פארריכטונג אין דער זייט פון א רודער־שיפעל אריינצושטעלען דעם רודער; אן אויסשניט אין דעם ראנד פון א שיפעל אריינצושטעלען דעם רודער. ז. *oar-lock*.



Rowlock

row up Salt Riv'er (ראו אפ סאהלט ריוו'-ער) זיין נעשלאגען ביי די וואהלען [וועגען א קאנדידאט אדער פארטיי].

row'y *a.* (ראו'-אי) געשטרייפט, ליניירט.

rox'burghe *n.* (ראקס'-באר-א) אזא איינבאנד פון א בוך, וואו דער רוקען ווערט געמאכט פון לעדער, וועהרענד די טאוולען ווערען בעצויגען מיט ליין אדער פאפיער און די בלעטער ווערען נור בעשניטען פון איין זייט, פון אויבען און בעגילט וועהרענד די ברעגעס פון די זייטען בלייבען רויה, אונבעשניטען.

roy'al *a. and n.* (ראי'-על) קעניגליך; פון א גרויסען פארמאט; פון א פארמאט וואס איז גרעסער ווי געוועהנליך; אזא קליינער קוואדראטנער זעגעל פון א שיף וואס ווערט ארויפגעצויגען אויף'ן מאסט־בוים העכער ווי אלע אנדערע זעגלען; איינער פון די צווייגלעך פון א הירש־חארן; אזא קליינע מארטיר־קאנאנע [צו ווארפען באמבעס]; א שפאניאלקע [דער טייל פון דער בארד, וואס וואקסט אונטער

דער אונטערשטער ליפ; ראיאל פאפיער [א גרויסער פארמאט שרייב-פאפיער פון 19 צאל ברייט און 24 צאל לענג, אדער דרוק-פאפיער פון 20 צאל ברייט און 25 צאל לענג].

Roy'al Academi'cian (ראי'-על ע-קעד-ע-מיש'-ען) א מיטגליעד פון דער לאנדאנער קונסט-אקאדעמיע.

Roy'al Acad'emy (ראי'-על ע-קעד'-ע-מי) די קונסט-אקאדעמיע אין לאנדאן, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1768.

roy'al assent' (ראי'-על ע-סענט') די קעניגליכע הסכמה צו א געזעץ נאכדעם ווי עס איז אנגענומען געווארען פון פארלאמענט.

roy'al bay (ראי'-על ביי) דער איידעלער לארבער-בוים.

roy'al blue (ראי'-על בלו) קעניגס-בלוי [אזא מין בלויע פארב].

roy'al duke (ראי'-על דיוק) א הערצאג פון קעניגליכען בלוט.

roy'al flush (ראי'-על פלאש) אין פאוקער-שפיעל — די העכסטע פינף קארטען פון איין מאסט, וועלכע געהען כסדר איינע נאך די אנדערע.

roy'alise *v.* (ראי'-על-איז) ז. ***royalize***

roy'alism *n.* (ראי'-על-איזם) ראיאליזם, קעניגס-טרייהייט, דאס האלטען פאר א קעניגליכער רעגיערונג.

roy'alist *n. and a.* (ראי'-על-איסט) א ראיאליסט, אן אנהענגער פון א קעניג אדער פון א קעניגטום; ראיאליסטיש, וואס איז א ראיאליסט.

roy'alize *v.* (ראי'-על-איז) מאכען קעניגליך.

roy'ally *adv.* (ראי'-על-אי) אויף א קעניגליכען אופן; אזוי ווי א קעניג.

roy'al mine (ראי'-על מאין) א גאלד אדער זילבער-מינע וועלכע געהערט צו דער קרוין.

roy'al prerog'ative (ראי'-על פרי-ראג'-ע-טיוו) די קעניגליכע פרעראגאטיווע [דאס אויסשליסליכע קעניגליכע רעכט, א קעניגליכע פריווילעגיע וואס קיין אנדער פערזאן האט עס נים].

roy'al pur'ple (ראי'-על פוירפל) קעניג-פורפור [א געוויסער פורפור-קאליר]. ז. איל. ***"Colors"***

roy'al road to knowl'edge (ראי'-על ראוד טו נאל'-עדזש) א גלייכער און לייכטער וועג זיך צו ערווערבען וויסענשאפט.

Roy'al Soci'ety (ראי'-על סא-סאי'-ע-טי) די אקאדעמיע פון וויסענשאפטען אין לאנדאן, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1662.

roy'al suprem'acy (ראי'-על סיו-פרעמ'-ע-סי) ז. ***regal supremacy***

roy'al touch (ראי'-על טאטש) די היילענדע בעריהרונג פון קעניג [דאס גלויבען, דאס ווען דער קעניג ריהרט אן א שקראפעל-קראנקען, ווערט ער געזונד].

roy'alty *n.* (ראי'-על-טי) קעניגטום, קעניגס ווירדע; די קעניגליכע מאיעסטעט; א קעניגליכע פערזאן; פערזאנען פון קעניגליכען ראנג; א מיטגליעד פון דער קעניגליכער פאמיליע; די קעניגליכע מאכט אדער אויטאריטעט; א קעניגליכע פריווילעגיע אדער רעכט; א קעניגליכער בעזיץ; א שטייער וואס ווערט געצאהלט צו דער קרוין; א טייל פון דער אייננאהמע וואס ווערט געצאהלט צו א פערפאסער פון א ווערק אדער צו אן ערפינדער פון א פאטענט.

Roy'ston crow (ראי'-סטאן קראו) די גרויע קראהע.

R. R. ראשי תבות פון ***railroad***

rub *v. and n.* (ראב) רייבען; שייערען; פאלירען; אבשלייפען; אבריינען; אבפוצען; אבפרישען; אבשייערען אדער אבפוצען אן איינגראווירטע פיגור אדער סטאטוע אראבצונעהמען פון איהר א קאפיע דורך אן אבדרוק; זיך רייבען; זיך אנשטויסען; זיך ווי עס איז דורכשלאגען אדער דורכשטופען; אבריינבונג; דאס אבריינבען; דאס אבשייערען; א רייבונג, א שטערונג; א צוזאמענשטויס; א "רייב", א "רייב אין זייט", א "רייב אין מארדע".

rub'adub *n.* (ראב'-ע-דאב) דער קלאנג פון א פויק; א שטארקער גערויש.

rub'-a-dub *n.* (ראב'-ע-דאב) ז. ***rubadub***

rub a thing in (ראב ע טהינג אין) מאכען אן אונאנגענעהמע זאך נאך אונאנגענעהמער דורך ווידערהאלען זי.

rub'ber *n., v. and a.* (ראב'-ער) א רייבער; א פאלירער; א שייערער; א שלייפער; א מאסאזשיסט; א געצייג אדער שטאף מיט וואס מען רייבט, ווישט אב אדער שייערט; א שארפשטיין; דאס רייב-קישעלע פון אן עלעקטרישער מאשין; א רייב-פייל [א גראבע פייל]; א רייב-שטיין וואס ווערט בענוצט ביים פאלירען; רייב-פאפיער; א רייב-פלעכע; א ווישלאפען, א פלעדער-וויש; א האנדטוך אדער ליילעך מיט וואס מען רייבט זיך אב נאך'ן באדען; גומיע, קויטשוק, מעק-גומיע; א קאלאש; א געגענשטאנד געמאכט פון גומיע; א גומיע-באנד, א גומיע-פאדים; א צוזאמענשטויס, א שטערונג, א שוויריגקייט; א בעגרענצטע סעריע פון קאנען אין וועלכען עס איז שפיעל וואו דער געווינס ווערט ענטשיעדען דורך דער גרעסערער צאהל געוואונענע קאנען; דער קאן וואס ענטשיידעט דעם געווינס; איינער וואס דרעהט זיך איבעראל ארום אום אלעס צו קוקען און צו זעהן, איינער וואס איז ניייגעריג אלעס צו זעהן און צו וויסען; זיך איבעראל ארומדרעהען אום אלעס צו זעהן און הערען; אונטערהערען וואס אנדערע ריידען דורך'ן טעלעפאן; געמאכט פון גומיע אדער פון קויטשוק.

rub'ber cloth (ראב'-ער קלאהטה) צייג בעצויגען מיט גומיע; גומיע פאבריצירט אין דינע בלעטער.

rub'ber-coat *n.* (ראב'-ער-קאוט) א רעגען-מאנטעל.

rub'ber-file *n.* (ראב'-ער-פאיל) א רייב-פייל [א שווערע גראבע פייל].

rub'ber-neck *n. and v.* (ראב'-ער-נעק) איינער וואס שטרעקט זיין האלז איבעראל צו קוקען און צו זעהן, איינער וואס דרעהט זיך איבעראל ארום צו זוכען נייעס; ארומדרעהען זיך איבעראל אום אלעס צו זעהן, ארומשמעקען נאך נייעס.

rub'ber plate (ראב'-ער פלייט) א קויטשוק-פלאטע פאר קינסטליכע צייהנער.

rub'bers *n.* (ראב'-ערז) קאלאשען; אזא קראנקהייט פון שעפסען וואס כאראקטעריזירט זיך דורך היץ און בייסונג.

rub'ber-saw *n.* (ראב'-ער-סאה) אזא ראטירענדע זעג צום זעגען קויטשוק.

rub'ber stamp (ראב'-ער סטעמפ) א גומיע-שטעמפעל, א קויטשוק-שטעמפעל.

rub'ber-trec *n.* (ראב'-ער-טריע) א גומיע-בוים.

rub'bing *n.* (ראב'-אינג) דאס רייבען; דאס שייערען; אן אבריינבונג, אן איינרייבונג.

rub'bing-post *n.* (ראב'-אינג-פאוסט) א הויפען שטיינער אדער האלץ פאר פיה צום קראצען זיך.

rub'bish *n.* (ראב'-איש) מיסט, אבפאל; אבגענוצטעס אדער אונגוצבארעס מאטעריאל וואס ווערט ארויסגעווארפען; אונזין, נארישקייטען.

rub'bish-heap *n.* (ראב'-איש-היעפ) א קופע מיסט אדער אבפאל.

rub'bishing *a.* (ראב'-איש-אינג) שלעכט, פאסקודנע; נוצלאז, ווערטהלאז; עלענד, געמיין, לומפיג, אונזיניג.

rub'bishy *a.* (ראב'-איש-אי) שלעכט, פאסקודנע; נוצלאז, ווערטהלאז; לומפיג, געמיין; אונזיניג; פול מיט מיסט אדער אבפאל.

rub'ble *n.* (ראבל) רויהער ברוכשטיין; ברוך-שטיקער פון שטיינער; מויער-ארבייט פון רויהע ברוכשטיינער; א מאסע אייז-קריהעס; געבראכענע שטיקער.

rub'ble-ice *n.* (ראב'ל-איס) געבראכענע שטיקער אייז; אייז-קריהעס.

rub'ble-stone *n.* (ראב'ל-סטאון) רויהער ברוכשטיין.

rub'ble-wall'ing *n.* (ראב'ל-הוואהל'-אינג) ז. ***rubble-work***

rub'ble-work *n.* (ראב'ל-הוואירק) מויער-ארבייט פון רויהע ברוכשטיינער.

rub'bly *a.* (ראב'-לי) פול מיט קליינע ברוך-שטיינער.

rub down (ראב דאון) אבריינבען אדער אבשייערען פון אויבען ביז ארונטער; ארומרייבען, קלענער מאכען דורך אבריינבען, אבשלייפען, ארומשלייפען.

rubed'inous *a.* (רו-בעד'-אי-נאס) רויטליך.

rubed'ity *n.* (רו-בעד'-אי-טי) רויטליכקייט.

rubefa'cient *a. and n.* (רוה-בי-פיי'-שיענט) וואס מאכט רויט, וואס רופט ארויס א רויטקייט; א מעדיצינישער מיטעל וואס פעראורזאכט א רויטקייט אויף דער הויט [ווי למשל, א זענעפט-פלאסטער].

rubefac'tion *n.* (רוה-בי-פעק'-שאן) רויטקייט פון דער הויט וואס ווערט פעראורזאכט פון א מעדיצינישען מיטעל [ווי למשל, פון א זענעפט-פלאסטער]; די ווירקונג פון אזא מיטעל.

rub el'bows (ראב על'-באוז) זיין אין נאהנטער פריינדשאפט, זיין אינטים.

rubel'la *n.* (רו-בעל'-א) דייטשע מאזלען [אזא לייכטע אנשטעקענדע מאזלען-עהנליכע קראנקהייט].

ru'bellite *n.* (רוה'-בעל-אי.ט) דער רובעליט [אזא מין טייערער עדעלשטיין פון רויטליכען אדער ראזען קאליר].

rube'ola *n.* (רו-בי'-א-לא) מאזלען; דייטשע מאזלען [אזא לייכטע אנשטעקענדע מאזלען-עהנליכע קראנקהייט].

rube'olar *a.* (רו-בי'-א-לאר) וואס איז שייך צו מאזלען. ז. ***rubeola***

rube'oloid *a.* (רו-בי'-א-לאיד) עהנליך צו מאזלען.

rubes'cence *n.* (רו-בעס'-ענס) דאס ווערען רויט.

rubes'cent *a.* (רו-בעס'-ענט) וואס ווערט רויט.

ru'bican *a.* (רוה'-בי-קען) גרוי, געשי-

מעלט, ווי א שימעל [ווענען דעם קאליר פון א פערד].

ru'bicel *n.* (רוה'-בי-סעל) דער רוביסעל [אזא רויטער עדעלשטיין].

ru'bicelle *n.* (רוה'-בי-סעל) ז. *rubicel*.

ru'bicund *a.* (רוה'-בי-קאנד) רויט, רויטליך, ראזע.

rubicun'dity *n.* (רוה-בי-קאנ'-די-טי) דאס זיין רויט, רויטקייט.

rubid'ic *a.* (רו-ביד'-איק) וואס איז שייך צו רובידיום. ז. *rubidium*.

rubid'ium *n.* (רו-ביד'-אי-אם) רובידיום [א זעהר ווייכער זילבער=ווייסער מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען].

ru'bied *a.* (רוה'-ביד) רויט ווי רובין=שטיין, העל=רויט.

rubifac'tion *n.* (רוה-בי-פעק'-שאן) ז. *rubefaction*.

rubif'ic *a.* (רו-ביפ'-איק) וואס מאכט רויט.

rubifica'tion *n.* (רוה-בי-פי-קיי'-שאן) דאס מאכען רויט.

ru'biform *a.* (רוה'-בי-פארם) רויטליך.

ru'bify *v.* (רוה'-בי-פאי) רויט מאכען.

rubig'inose *a.* (רו-בידזש'-אי-נאוס) ראסט=פארביג, ברוין=רויט.

rubig'inous *a.* (רו-בידזש'-אי-נאס) ראסט=פארביג, ברוין=רויט; אנגעשטעקט מיט פלאנצען=ראסט [ז. *rubigo*].

rubi'go *n.* (רו-באי'-גאו) פלאנצען=ראסט, מעל=טוי [אזא קראנקהייט פון פלאנצען, וועלכע ווערען בעדעקט מיט גאנץ קליינע פאראזיטישע שוועמלעך].

rub in (ראב אין) דאקוטשען, דערגעהן די יאהרען; איינרייבען.

ru'bine *n.* (רוה'-בין) אן אנילין=פארב. ז. *aniline*.

ru'ble *n.* (רוהבל) א רובל [א רוסישע געלד=איינהייט, וועלכע ענטהאלט הונדערט קאפיקעס. האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 51½ אמעריקאנער סענט].

rub off (ראב אף) אברייניגען, אברייבען, אבמעקען; פטור ווערען.

rub on (ראב אן) זיך ווי עס איז דורכשלאגען.

rub out (ראב אוט) אויסמעקען, אויסרייבען; צורייבען, פאנאנדערדרייבען [ווי מען צורייבט פארב, למשל].

ru'bric *n.*, *a.* and *v.* (רוה'-בריק) א רובריק, אן אבטיילונג; די געלד=ליניעס אין א רעכנונג, וועלכע זיינען געוועהנליך רויט; א טיטעל, אן איבערשריפט וואס ווערט געדרוקט אין רויט; א קירכליכע פארשריפט אדער פעראָרדנונג וואס ווערט געוועהנליך געדרוקט אין געבעט=בוך מיט רויטע בוכשטאבען; וואס איז שייך צו א קירכליכער פארשריפט אדער פעראָרדנונג; רויט, פון א רויטען קאליר; בעצייכענט מיט רויטע בוכשטאבען; בעפוצען מיט רויט, בעפארבען מיט רויט, אנצייכענען מיט רויט.

ru'brical *a.* (רוה'-ברי-קעל) רויט; וואס איז שייך צו א רובריק, וואס איז ענטהאלטען אין א רובריק.

ru'bricate *v.* and *a.* (רוה'-ברי-קייט) אנצייכענען אדער אנמערקען מיט רויטער טינט אדער קרייד; קאלארירען מיט רויטע בוכשטאבען אדער ווערטער; איינארדנען אין א רובריק; וואס איז אנגעצייכענט מיט רויטער טינט אדער קרייד, וואס איז רויט קאלארירט.

rubrica'tion *n.* (רוה-ברי-קיי'-שאן) דאס פערצייכענען מיט רויט, דאס קאלארירען מיט רויטע בוכשטאבען אדער ווערטער; א טייל פון טעקסט וואס איז רויט קאלארירט, ווי בוכשטאבען אדער ווערטער; דאס אויסשטעלען אין א רובריק, ארדנען אין רובריקען.

ru'bricator *n.* (רוה'-ברי-קיי-טאר) איינער וואס זיין ארבייט איז אריינצושטעלען רויטע בוכשטאבען אדער ווערטער אין טעקסט פון א בוך אדער מאנוסקריפט.

rubri'cian *n.* (רו-בריש'-ען) א קענער אדער אנהענגער פון קירכליכע פארשריפטען אדער פעראָרדנונגען.

ru'bricist *n.* (רוה'-ברי-סיסט) ז. *rubrician*.

ru'bricose *a.* (רוה'-ברי-קאוס) רויט קאלארירט.

rub'stone *n.* (ראב'-סטאון) א שלייף=שטיין, א שארף=שטיין.

rub the hair the wrong way (ראב טהי העהר טהי ראהנג הוויי) אויפרייצען אדער אויפרעגען דורך קליינליכע שטרייטיגקייטען אדער בעמערקונגען.

rub through (ראב טהרוה) ווי עס איז זיך דורכשלאגען.

rub up (ראב אפ) 1. אבפאלירען; אבשייערען; 2. אבפרישען, א שלייף טהאן [דעם מח].

2. I have to rub up on my Latin.

ru'by *n.*, *a.* and *v.* (רוה'-בי) א רובין [א טייערער עדעלשטיין פון רויטען קאליר. ז. איל. *"Gems"*]; א העל=רויטע פארב אדער קאליר; עטוואס וואס איז ענליך צו א רובין; א היץ=בלאטער, א רויטער פרישטשיק; א קליינע דרוקשריפט וואס איז קלענער ווי נאמפארעל און גרעסער אלס פערעל; רויט ווי א רובין; העל=רויט; מאכען רויט, פארבען רויט.

ru'by-blende *n.* (רוה'-בי-בלענד) רובין=בלענדע [אזא רויטער ערץ וואס בעשטעהט פון צינק און שוועבעל]; א רויטער זילבער=ערץ אדער שוועבעל=פערבינדונג פון ארזעניק און זילבער.

ru'by-crowned *a.* (רוה'-בי-קראונד) וואס האט א רויטען פונקט אויף'ן שיידעל [ווי געוויסע פויגלען].

ru'by sil'ver (רוה'-בי סיל'-ווער) רויטע זילבער=ערץ. ז. *ruby-blende*.

ru'by sul'phur (רוה'-בי סאל'-פויר) דאס רויטע שוועבעל ארזעניק.

ru'by-wood *n.* (רוה'-בי-הוואוד) דאס רויטע סאנדאל=האלץ. ז. *sandalwood*.

ruche *n.* (רוהש) א געפאלבטער אדער געקרויזטער שפיצען=קראגען אדער מאנזשעטען געמאכט פון מוסלין אדער פון דינעם באנד פאר פרויען=קליידער.

ruck *v.* and *n.* (ראק) קנייטשען, מאכען פאלבען; פלאגען, קוועלען; אויפרעגען; ווערען צוקנייטשט; זיך צונויפקארטשען [ווי א פויגעלע אין נעסט]; א פאלב, א פאלד, א קנייטש; א געדרענג פון מענשען; נארישקייטען, פוסטע זאכען.

ruck up (ראק אפ) צוזאמענפאלטען, צוזאמענלעגען, צונויפקנייטשען; אויפרעגען, פלאגען, קוועלען.

ructa'tion *n.* (ראק-טיי'-שאן) דאס גרעפסען.

ruc'tion *n.* (ראק'-שאן) דאס פלאגען, דאס קוועלען; א געלאף, א געדרענג, א געשלעג.

rudd *n.* (ראד) דער רויט=פיש [אזא מין פיש מיט גאנץ רויטע פלוס=פעדערען, וועלכער געפינט זיך אין די טייכען און אזערעס פון אייראפא].

Rudder

rud'der *n.* (ראד'-ער) א שטייער=רודער [פון א שיף]; עטוואס וואס גיט אן די ריכטונג פון א פערזאן אדער זאך.

rud'der-chain *n.* (ראד'-ער-טשיין) די רודער=קייט [איינע פון די צוויי קייטען וועלכע זיינען בעפעסטיגט צו דעם שטייער=רודער].

rud'der-coat *n.* (ראד'-ער-קאוט) דער רודער=קראגען [דאס שטיק צייג וואס איז ארומגעוויקלעט ארום דעם רודער=קאפ אום דאס וואסער זאל ניט אריין אין דער שיף].

rud'der-head *n.* (ראד'-ער-העד) דער רודער=קאפ [דער אויבערשטער ענד פון שטייער=רודער].

rud'der-hole *n.* (ראד'-ער-האול) דאס רודער=לאך [דאס לאך אין דעם דעק פון א שיף, דורך וועלכען דער רודער=קאפ געהט דורך].

rud'der-i'ron *n.* (ראד'-ער-אי'-ערן) דער רודער=האקען.

rud'derless *a.* (ראד'-ער-לעס) אהן א שטייער=רודער.

rud'der-pen'dant *n.* (ראד'-ער-פענ'-דענט) ז. *rudder-chain*.

rud'died *a.* (ראד'-איד) רויט, רויטליך, וואס איז געמאכט רויט.

rud'dily *adv.* (ראד'-אי-לי) מיט א רויטליכען אויסזעהן.

rud'diness *n.* (ראד'-אי-נעס) רויטקייט; א פרישע רויטע פארב [פון געזיכט].

rud'dle *n.* and *v.* (ראדל) רויטער קרייד; אנצייכענען מיט רויטען קרייד; צוזאמען דורכזיפען, צונויפמישען ווי דורך א זיפ.

rud'dleman *n.* (ראד'ל-מען) איינער וואס האנדעלט מיט רויטען קרייד.

rud'dock *n.* (ראד'-אק) דאס רויטקעלכען [א געוויסעם אייראפעאישעם זינגפויגעלע]. ז. *redbreast*.

rud'dy *a.* and *v.* (ראד'-אי) רויט, רויטליך; לוסטיג, מונטער; מאכען רויט.

rud'dy-rud'der *n.* (ראד'-אי-ראד'-ער) דער רויט=עקיגער זון=פיש.

rude *a.* and *adv.* (רוהד) גראב, רויה, ניט בעארבייט; פון א שלעכטען פאסאן; פארטאטשקע; פראסט; נעמיין; אונגעלומפערט; אונציוויליזירט; בארבאריש; אונוויסענד, אונקולטיווירט; אונערצויגען; אונהעפליך; אונארטיג; ווילד; ברוטאל; אכזריות'דיג; געוואלטזאם; שטרענג; שטארק, פעסט; העפטיג; שטורמדיג; אויף א גראבען, רויהען, ניט בעארבייטען אדער אונגעלומפערטען אופן; פון א שלעכטען פאסאן; מעשה פארטאטש; אויף א ווילדען אדער בארבארישען אופן; מיט גראבקייט; מיט שטרענגקייט; מיט שטארקייט; אויף א שטורמדיגען אדער געוואלטזאמען אופן.

rude'ly *adv.* (רוהד'-לי) אויף א גראבען, ניט בעארבייטען אדער אונגעלומפערטען אופן; פון א שלעכטען פאסאן; מעשה פארטאטש; אהן עלעגאנץ, אהן קונסט; מיט גראבקייט אדער אונהעפליכקייט;

אויף א ווילדען אדער בארבארישען אופן; געוואלטזאם; שטורמדיג; מיט שטרענגקייט; מיט שטארקייט.

rude'ness *n.* (רוהד'–נעס) גראבקייט, רויהקייט, אונגעלומפערטקייט; אונעלעגאנטקייט; פראסטקייט; אונהעפליכקייט; אונציוויליזירטקייט; אונארטיגקייט; ווילדקייט; אונגעוויסענהייט; שטרענגקייט; העפטיגקייט; שטורמדיגקייט.

ru'deral *a.* (רוה'–דע–רעל) וואס וואקסט אין פלעצער וואו עס ווערט ארויסגעשאטען אבפאל אדער מיסט [ווענען געוויסע פלאנצען].

rudes'by *n.* (רוהדז'–בי) א גראביאן, א גראבער יונג.

ru'diment *n. and v.* (רוה'–די–מענט) דער אנפאנג, די גרונדלאגע; עטוואס וואס איז אין דער אנפאנגס-סטאדיע פון דער ענטוויקלונג; דער אנפאנג פון אן ארגאן אדער טייל פון אן ארגאן; א שפור אדער א רעשט פון א גליעד וואס האט זיך ניט ענטוויקעלט אדער איז ביסלעכווייז פערשוואונדען; א גליעד וואס האט ניט קיין פונקציאנס-טהעטיגקייט; געבען די אנפאנגס-גרינדע אדער די גרונד-כללים.

rudimen'tal *a.* (רוה–די–מענ'–טעל) רודימענטאר, עלעמענטאר; וואס געהערט צו אנפאנגס-גרינדע, וואס געהערט צו די ערשטע כללים אדער גרונד-פרינציפען.

rudimen'tarily *adv.* (רוה–די–מענ'–טע–רי–לי) אין א רודימענטארען אדער עלעמענטארען צושטאנד; אויף אן עלעמענטארען אופן.

rudimen'tary *a.* (רוה–די–מענ'–טע–רי) רודימענטאר אדער עלעמענטאר; וואס איז שייך צו אנפאנגס-גרינדע אדער צו די אנפאנגס-כללים; וואס נעפינט זיך אין אן אנפאנגס-סטאדיע פון ענטוויקלונג; וואס בלייבט אין אן אונענטוויקעלטען צושטאנד; וואס האט ניט קיין טהעטיגקייטס-פונקציאנען [ווענען גליעדער פון קערפער].

rue *v. and n.* (רוה) חרטה האבען; בעדויערען, בעקלאגען, רחמנות האבען; די ראוטע [אזא קליין בוימעל וואס האט א שטארקען אונאנגענעהמען ריח. זיינע בלעטער זיינען טעטביג און זיינע בליהונגען זיינען גרין-געלב].

rue'-bar'gain *n.* (רוה'–באר'–גיין) א שלעכטע קניה, א קויף אויף וועלכען מען האט חרטה; די געצאהלטע וואס מען גיט אום צו קענען חרטה האבען אויף א קויף.

rue'ful *a.* (רוה'–פול) בעדויערליך, קלאגליך, יאמערליך; פול מיט רחמנות; מיטליידס-ווערטה.

rue'fully *adv.* (רוה'–פול–אי) אויף א בעדויערליכען אופן; מיט טרויער, מיט בעדויערען; מיטליידס-ווערטה, בעדויערונגס-ווערטה

rue'fulness *n.* (רוה'–פול–נעס) בעדויערליכקייט, טרויריגקייט; קלעגליכקייט; יאמערליכקייט.

ru'er *n.* (רוה'–ער) איינער וואס בעדויערט אדער האט מיטלייד.

rufes'cence *n.* (רו–פעס'–ענס) רויטקייט, א רויטליכער קאליר.

rufes'cent *a.* (רו–פעס'–ענט) רויטליך, רויט ווערענד.

ruff *n. and v.* (ראף) א נעקרוייזטער קראגען [ווי עס פלעגען טראגען די אדעליגע צום ענדע פון מיטעלאלטער]; א טשוב פון פעדערען ביי געוויסע פויגלען וואס שטארצט ארום האלז ווי א קראגען; א קרייזעל פון לאנגע האר ארום האלז ביי געוויסע הינד; אין א משיין — דער האלז פון א וואל [דאס פערדיקטע ארט אויף א וואל אין דער פארם פון א רינג, וואס דערלאזט ניט דאס ראד אדער אן אנדער זאך ארבצוגליטשען פון איהם]; די קאמפף-טויב [ז. *jacobin pigeon*]; דער קאמפף-האהן [א פויגעל פון די צפון-לענדער מיט א גרויסען טשוב פעדערען ארום האלז. ז. איל]; דער קוילבארש [אן אייראפעאישער טייך-פיש]; א לייכטעס קלאפען אויף א פויק; אין קארטען-שפיעל — דאס דעקען א קארט מיט א טרומף אדער קאזיר [ווען דער שפיעלער האט ניט קיין קארטען פון דערזעלביגער מאסט]; דעקען א קארט מיט א טרומף; קעמען אדער בערשטען פלאקס אויף א ברעטעל וואס איז אנגעשלאגען מיט הויכע אייזערנע שטאכלעך.

Ruff

ruffed *a.* (ראפט) אין זאאלאגיע — וואס האט א קרויז פון האר אדער פעדערען ארום האלז; געבארשטען אויף א ברעטקאם [ווענען פלאקס].

ruffed grouse (ראפט גראוס) די קראגען-הוהן [א מין נארד-אמעריקאנישער פויגעל מיט צוויי דיקע קרייזלעך פון פעדערען ארום האלז].



Ruffed Grouse

ruf'fian *n., a. and v.* (ראפ'–יען) א ווילדער יונג, א ברוטאלער קערל, א יונג וואס איז גרייט צו בעגעהן יעדען פערברעכען; א גזלן, א רויבער, א מערדער; ברוטאל, מערדעריש, אונמענשליך; ווילד, שטורמדיג; אויפהויבען א טומעל; בעגעהן זיך ברוטאל.

ruf'fianhood *n.* (ראפ'–יען–הוד) ז. *ruffianism*

ruf'fianish *a.* (ראפ'–יען–איש) ווי א מערדער, ברוטאל.

ruf'fianism *n.* (ראפ'–יען–איזם) ווילדקייט, ברוטאליטעט.

ruf'fian-like *a.* (ראפ'–יען–לאיק) ז. *ruffianish*

ruf'fianly *adv.* (ראפ'–יען–לי) אויף א ווילדען, ברוטאלען שטייגער; מעשה גזלן.

ruf'fle *v. and n.* (ראפל) צונויפקניי-טשען, צורונצלען, מאכען פאלדען; צומישען, צושויבערען, מאכען אונגלייך, ברייננען אין אונארדנונג; בויטשען, צוטרייסלען, ברויזען, ברייננען אין בעוועגונג די אויבערפלעכע [פון וואסער]; בעאונרוהיגען, אויפרעגען; קרייזלען, נאפרירען; טומלען, שטורמען, מאכען ליארם; דאקוטשען; לייכט קלאפען אין א פויק [אלס סיגנאל פון טרעוואגע]; א קרויז, א פאלב; אונרוה, אויפרעגונג; א לייכטעס פויקען, דאס באראבאנען.

ruf'flement *n.* (ראפ'ל–מענט) קרויזונג.

ruf'fle one's feath'ers (ראפל הוואנז פעטה'–ערז) ארייגבריינגען איינעם אין כעס; ווערען אויפגערעגט.

ruf'fle one's plu'mage (ראפל הוואנז פלוה'–מערדש) ז. *ruffle one's feathers*

ruf'fler *n.* (ראפ'–לער) א משיין צו מאכען פאלדען אדער קרויזען [ווי אין צייג]; א סקאנדראליסט.

ruf'fle up (ראפל אפ) אויפרעגען.

ruf'fling *n.* (ראפ'–לינג) קרויזען פון צייג.

ruf'fy-tuf'fy *a. and adv.* (ראפ'–אי–טאפ'–אי) צומישט, ניט אין ארדנונג; אין א מיש-מאש.

ru'fous *a.* (רוה'–פאס) טונקעל-רויט, געלב-רויט, ברוין-רויט, ראסט-פארב.

rug *n.* (ראג) א דיקע דעקע פון גראבען וואלענעם שטאף; א בעט-דעקע; א טעפיך, א קאווער; א פערד-דעקע; א הונד וואס איז בעוואקסען מיט דיקע און לאנגע האר; א מין שטארקער שנאפס; א האפטינער ציה אדער שלעפ.

ru'ga *n.* (רוה'–גא) א קנייטש, א פאלב.

ru'gate *a.* (רוה'–גייט) געקנייטשט, נעפאלבט.

rug'ged *a.* (ראג'–עד) האריג, שארסטקע, בארשטיג; שארסטיג, ניט גלאט, ניט גראד; געקנייטשט, צוזאמענגעשרומפען; אונרוהיג; אונבעקוועם פאר'ן אויער, סקריפענד, קראצענד; רויה, גראב; אונוויסענד; ווילד, אויפגעבראכט; פערעקשנ'ט; שטורמיש [ווענען וועטער]; שטארק, געזונד.

rug'gedly *adv.* (ראג'–עד–לי) אויף א רויהען אדער גראבען שטייגער; שארסטיג.

rug'gedness *n.* (ראג'–עד–נעס) ניט-גראדקייט, ניט-גלאטקייט, שארסטיגקייט; רויהקייט, גראבקייט.

rug'ging *n.* (ראג'–אינג) דיקעס, האריגעס געוואנד פאר דעקען, פערד-דעקען, קאווערען א. ז. וו.

rug'gy *a.* (ראג'–אי) ז. *rugged*

rug'-head'ed *a.* (ראג'–העד'–עד) מיט צושויבערטע האר.

ru'gine *n. and v.* (רוה'–דזשין) אזא פייל וואס ווערט בענוצט אין בירורגיע; ארומצופיילען א ביין; פיילען מיט אזא כירורגישער פייל.

ru'gose *a.* (רוה'–גאוס) מיט קנייטשען, מיט פאלדען.

rugos'ity *n.* (רו–גאס'–אי–טי) צוקנייטשטקייט; א קנייטש.

ru'gous *a.* (רוה'–גאס) ז. *rugose*

ru'gulose *a.* (רוה'–גיו–לאוס) דריבנע אדער דין געקנייטשט אדער געפאלבט.

ru'in *v. and n.* (רוה'–אין) רואינירען, צושטערען, פערוויסטען, חרב מאכען; פערדארבען; געהן צו גרונד; א רואינע, א צושטערונג, א פערוויסטונג, א חרבן, אן אונטערגאנג.

ru'inable *a.* (רוה'–אינ–עבל) וואס קען רואינירט, צושטערט אדער פערוויסט ווערען.

ru'in-ag'ate *n.* (רוה'-אינ-עג'-אייט) א מין ברוינער אגאט [אזא עדעלשטיין].

ruina'tion *n.* (רוה-אי-ניי'-שאן) צושטערונג, פערוויסטונג; דאס חרב מאכען; רואינען, חורבות.

ru'iner *n.* (רוה'-אי-נער) א צושטערער, א פערוויסטער, א חרב=מאכער.

ru'ing *n.* (רוה'-אינג) תשובה, חרטה.

ru'iniform *a.* (רוה'-אי-ני-פארם) וואס זעהט אויס ווי רואינען, וואס זעהט אויס ווי א חורבה [ווענען געוויסע מינעראלען].

ru'inous *a.* (רוה'-אי-נאס) צופאלענד, צושטערענד, חרב ווערענד; פערניכטענד, חרב מאכענד; וואס בעשטעהט פון חורבות.

ru'inously *adv.* (רוה'-אי-נאס-לי) פערניכטענד, בריינגענדיג צו צושטערונג.

ru'inousness *n.* (רוה'-אי-נאס-נעס) די צופאלונג; די פערדערבליכקייט; דאס זיין חרב אדער פערוויסט.

ru'ins *n.* (רוה'-אינז) רואינען, חורבות, דאס וואס עס פערבלייבט נאך א פערוויסטונג אדער צושטערונג.

Ruins

rule *n. and v.* (רוהל) די הערשענדע מאכט, די רעגיערונג, געוועלטיגקייט; די נארמע, די ריכט=שנור, די מעטאדע פון פרינציפ אדער האנדלונג; א פעראָרדנונג, א פארשריפט; א תקנה; אין גראמאטיק אדער אריפמעטיק—א רעגעל, א כלל; די אנגענומענע אדער געוועהנליכע מעטאדע פון האנדלונג, פון אויפפיהרונג א. ד. ג.; אין יוריספרודענץ — א פארמאלע פעראָרדנונג אדער בעשטימונג פון געריכט; א לינעאל, א ווירע; א מאסשטאב אדער מעסט=שטעקען; אין דרוקעריי — א ליניע, א מעטאלענע פלאטע וואס שטעלט זיך אריין אין שריפט און אויף וועלכער עס דרוקט זיך אב א ליניע; רעגעלען, איינארדנען; פערוואלטען; לייטען, פיהרען; אין יוריספרודענץ — פעסטזעצען, געריכטליך ענטשיידען ווענען עפעס; ליניערען, מאכען ווירעס; בעשטימען דורך ליניעס, אויסמעסטען; הערשען, רעגיערען; אין קאמערץ — האלטען אויף א געוויסער הויך [ווי די פרייזען אויף סחורות].

rule'-case *n.* (רוהל'-קייס). א קאסטען, וואו מען האלט אין דרוקערייען די פלאטען, מיט דער הילף פון וועלכע מען דרוקט ליניען.

rule'-cut'ter *n.* (רוהל'-קאט'-ער) אין דרוקעריי — א מאשין צו שניידען די פלאטען, מיט דער הילף פון וועלכע מען דרוקט ליניען.

ruled pa'per (רוהלד פיי'-פער) געליניערטעס פאפיער.

rule'-drill'er *n.* (רוהל'-דריל'-ער) א לעהרער וואס קלאפט בלויז אריין די שילער אין קאפ די נויטיגע זאכען, ניט ערקלערענדיג זיי דעם זין דערפון.

rule' - joint *n.* (רוהל' - דזשאינט) א פערבינדונגס=געלענק ווי עס ווערט געמאכט ביי א צונויפגעלעגטען צאל=שטאק אדער אנדער לינעארמאס.

Rule-joint

rule'less *a.* (רוהל'-לעס) אהן א רעגעל, אהן געזעץ.

rule'lessness *n.* (רוהל'-לעס-נעס) דאס זיין אהן א רעגעל אדער אהן געזעץ; רעגעללאזיגקייט, געזעצלאזיגקייט.

rule of the road (רוהל אוו טהי ראוד) די אנגענומענע רעגעלען ווי צו האלטען זיך, ווען צוויי רייטער אדער פאהרער בעגעגנען זיך אויף א וועג [ווי למשל די רעגעל, אז ביידע זאלען זיך האלטען רעכטס פון צענטער פון וועג].

rule of three (רוהל אוו טהריע) אין אריפמעטיק — רעגעל=דע=טרי [א מעטאדע אויסצוגעפינען א פיערטע צאהל אין אן אריפמעטישער פראבלעם, ווען דריי צאהלען זיינען אנגעגעבען, ווי למשל: 20 ארבייטער האבען אויפגעבויט א הויז אין 30 טעג. וויפיעל ארבייטער פאדערט זיך אום אויפצובויפען אזא הויז אין 10 טעג?].

rule of thumb (רוהל אוו טהאם) א מעטאדע צו טהאן עפעס אויף א פרימיטיווען איינפאך=פראקטישען שטייגער [ווי למשל מאכען א זאך, מעסטענדיג אויף'ן אויג און ניט גענוי אויסרעכנענדיג].

rule o'ver (רוהל או'-ווער) הערשען, רעגיערען איבער אימעצען.

ru'ler *n.* (רוה'-לער) א רעגיערער, א געוועלטיגער; א לינעאל, א ווירע.

rule the roast (רוהל טהי ראוסט) הערשען, געוועלטיגען, קאנטראלירען.

rule'-work *n.* (רוהל'-הוואירק) אין דרוקעריי — א זאץ וואו עס זיינען פאראן פיעל ליניען [ווי ביים צוזאמענשטעלען א טאבעלע].

ru'ling *n. and a.* (רוה'-לינג) א בעשטימונג אדער בעשלוס וואס א ריכטער גיט ארויס ווענען א פראגע וואס הויבט זיך אויף בעת א געריכטס=פראצעס; דאס מאכען ליניעס; געוועלטיגענד, הערשענד.

ru'ling-machine' *n.* (רוה'-לינג-מע-שין') א ליניער=מאשין [א מאשין צו מאכען ליניעס].

ru'ling of the chair (רוה'-לינג אוו טהי טשעהר) דער בעשלוס פון פארזיצענדען.

ru'ling-pen *n.* (רוה'-לינג-פען) א רייספעדער [צום צייכענען ליניעס].

Ruling-pen

rul'lion *n.* (ראל'-יאן) א שוך געמאכט פון ניט געגארבטע פעל.

rum *a. and n.* (ראם) זאנדערבאר, זעלטען, מאדנע; גוט, פיין; א מאדנער מענש; א מאדנע זאך; ראם [א מין שנאפס].

Ruma'nian *a. and n.* (רוה-מיי'-ני-ען) רומעניש, וואלאכיש [וואלכיש, מאלדאוויש]; וואס איז שייך צו רומעניען; א רומעניער; די רומענישע שפראך.

rumb *n.* (ראמב) ז. *rhumb*.

rum'ble *v. and n.* (ראמבל) ראלען, ברילען, שאלען [פון דונער]; בעוועגען עפעס מיט א דונערענדען, שאלענדען טאן; ארויסרופען א ברומען אדער שאלען; דאס ראלען, דאס שאלען [ווי פון א דונער]; א רונדער, זיך=אומדרעהענדער צילינדער, אין וועלכען עס ווערען אריינגעלעגט זאכען זיי זאלען זיך רייבען איינע אן דער אנדערער; דער הינטער=זיץ פון א קארעטע פאר א לאקיי.

rum'bler *n.* (ראמ'-בלער) א ווארטשון, א ברומער; איינער וואס מאכט אן טומעל.

rum'ble-tum'ble *n.* (ראמ'בל-טאמ'בל) דער הינטער=זיץ פון א קארעטע פאר'ן לאקיי.

rum'bling *n.* (ראמ'-בלינג) דאס מאכען א טומעל; דאס ווארטשען, דאס ברומען.

rum'-blos'som *n.* (ראמ'-בלאס'-אם) א פרישטשיק אויף דער נאז וואס בעקומט זיך פון פיעל טרינקען.

rumbooze' *n.* (ראמ-בוהז') אן אלקאהאלישער געטראנק [הויפטזעכליך א געמישטער].

rumbow'line *n.* (ראמ-באו'-לין) ז. *rombowline*.

rumbow'ling *n.* (ראמ-באו'-לינג) גראג, א געטראנק פון ראם מיט וואסער [ביי מאטראזען].

rum'-bud *n.* (ראמ'-באד) ז. *rum-blossom*.

rumbul'lion *n.* (ראמ-באל'-יאן) א מין שטארקער שנאפס.

rum'-cher'ry *n.* (ראמ'-טשער'-אי) דער אמעריקאנישער ווילדער שווארצער קארשען=בוים. ז. *black cherry*.

ru'men *n.* (רוה'-מען) דער ערשטער מאגען פון חיות וואס זיינען מעלה=גרה.

rumfus'tian *n.* (ראמ-פאס'-טשיען) א הייסער געטראנק וואס ווערט געמאכט פון אייער, ביער, שנאפס, וויין, צוקער א. ז וו.

ru'mina *n.* (רוה'-מי-נא) די ערשטע מאגענס פון חיות וואס זיינען מעלה=גרה. ז. *rumen*.

ru'minant *a. and n.* (רוה'-מי-נענט) וואס איז מעלה גרה; וואס האט דעם כאראקטער פון א מעלה גרה'דיגער בהמה; רוהיג, מיושב'דיג, ארייננעטראכט אין עפעס; א מעלה גרה'דיגע בהמה.

Ruminan'tia *n.* (רוה-מי-נענ'-שי-א) דער מין בהמות, וואס זיינען מעלה גרה.

ru'minate *v. and a.* (רוה'-מי-נייט) איבערקייען, מעלה גרה זיין; נאכדענקען, איבערדענקען, זיך גוט איבערלעגען; וואס זעהט אויס ווי צוקייעט [ווענען פלאנצען זאמען].

rumina'tion *n.* (רוה-מי-ניי'-שאן) דאס מעלה גרה זיין; די נאכדענקונג.

ru'minative *a.* (רוה'-מי-ניי-טיוו) וואס איז מעלה גרה; נאכגעטראכט; איבערגעקלערט.

ru'minator *n.* (רוה'-מי-ניי-טאר) אייכער וואס דענקט נאך פיעל ווענען א געגענשטאנד.

rum'mage *n. and v.* (ראמ'-עדזש) דאס דורכזוכען, דאס שארען, דאס צושארען; דורכזוכען, צושארען, אויסריהען; צומישען, צובויטשען; אויסגעפינען.

rum'mager *n.* (ראמ'-עדזש-ער) איינער

וואס זוכט דורך; איינער וואס צושארט אדער צוריהעט.

rum'mer *n.* (ראמ'-ער) א טרינק-גלאז, א טרינק-בעכער.

rum'my *a. and n.* (ראמ'-אי) וואס איז שייך צו ראם; געמאכט פון ראם; זאנדערבאר, מאדנע; א שכור.

ru'mor *n. and v.* (רוה'-מאר) א קלאנג, א סלוך, א גערעד; רוהם; צייטווייליגע בעריהמטקייט; ארויסלאזען א קלאנג אדער סלוך.

rump *n.* (ראמפ) דער הינטער-חלק, דער געזעס, דער אחור, דער זאדיק; דער רעשט אדער דער בראק פון עפעס.

rump'-bone *n.* (ראמפ'-באון) דער שויס-ביין, דער שאמביין [דער ביין פון דעם ווירבעל וואס פעראייניגט זיך מיט די בעקען-ביינער].

rum'ple *v. and n.* (ראמפל) צודריקען, צוקנייטשען; א קנייטש, א פאלד.

rump'less *a.* (ראמפ'-לעס) וואס האט ניט קיין עק [ביי פויגלען].

rump of beef (ראמפ אוו ביעף) דער זאדיק [הינטער-חלק] פון אן אקס.

rump'-steak *n.* (ראמפ'-סטייק) א ביפ-שטעקס פון פלייש וואס ווערט אויסגעשניטען פון זאדיק [הינטער-חלק].

rum'pus *n.* (ראמ'-פאס) א גרויסער טומעל, א גרויסע מישעניגע.

rum'-shrub *n.* (ראמ'-שראב) א געטראנק פון ראם, צוקער און געווירצען.

rum'-suck'er *n.* (ראמ'-סאק'-ער) א שכור.

rum'swizzle *n.* (ראמ'-סהוויזל) א וואלענער שטאף וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער [ווערט פאבריצירט אין אירלאנד].

run *v. and n.* (ראן) לויפען, געשווינד בעוועגען זיך, איילען, פליהען; "לויפען" פאר אן אמט, ארויסשטעלען די קאנדידאטור; ארומפאהרען פון ארט צו ארט, רייזען; פליסען, ריגען; זיך שמעלצען, זיך צוגיסען, צוגעהן; זיין אין בעוועגונג, ארבייטען [ווי א מאשין]; ציהען זיך אין דער לענג [ווי א וועג]; ארויסוואקסען, ענטוויקלען זיך אין פראצעס פון וואקסונג; ארונטערגעהן, ארונטערפאלען; פערבייגעהן, פערגעהן [ווי די צייט]; דורכלויפען מיט'ן בליק, איבערקוקען [א בוך, אן ארטיקעל]; נאכדענקען, האלטען אין טראכטען איבער א געוויסען געגענשטאנד; נייגען, ריכטען, אנווענדען, צואווענדען; זיך אויפהאלטען, זיין פארגעשטעלט פיעל מאל [ווי א טעאטער-שטיק]; ווירקען, זיין אין מאכט [ווי א געזעץ אדער א תקנה]; פעראורזאכען אן אויסשאס אדער ארויספליה; זיך אויפהויבען ביז א געוויסער הויך, דערגרייכען; זיך פערשפרייטען [ווי א קלאנג, א סלוך]; זיין מיטעלמעסיג אדער דורכשניטליך, זיין ווי דאס געוועהנליכע; מאכען א געלאף אויף א באנק [מאכען אז די דעפאזיטאהרען אדער געלד-איינלעגער זאלען מאסענווייז קומען פאדערען זייער געלד]; זיין אין צירקולאציאן [ווי געלד, מטבעות]; אין מוזיק — שפיעלען א רולאדע [א שנעלע פאלגערונג פון טענער]; לאזען אורין, משתין זיין; לאזען לויפען [ווי א פערד]; ארייניאגען, ארייגקלאפען [ווי א טשוואק]; טרייבען, צווינגען; געטריבען ווערען, זיין גענויט צו עפעס; יאגען, געהן אין געיעג; אויפפיהרען, פארשטעלען עטליכע מאל [ווי א טעאטער-שטיק]; בעשטימען די ליניע אדער ריכטונג [ווי פון א גרענעץ]; דורכגעהן אדער דורכברעכען [א שטערונג אדער אן אבהאלט]; ארויסלאזען, ארויסווארפען, אויסשיסען; אויספליסען, אויסשטרעמען; צוציהען אדער ארויפציהען אויף זיך, ארויפברייננגען אויף זיך [אן אונאנגענעהמליכקייט, א צרה]; נעהמען מיט א לאנגער נאהט; שמעלצען און גיסען [אין א פורעם]; ברייננגען אין בעוועגונג, מאכען צו ארבייטען [א מאשין]; בעטרייבען [א געשעפט]; אנפיהרען [א קאנטאר, א קאנצעלאריע]; נאכפאלגען עפעס אין געדאנק, בעטראכטען; דאס לויפען, דער לויף, דער גאנג; דאס ארבייטען [פון א מאשין]; דאס בעטרייבען [א געשעפט, אן אונטערנעהמונג]; א גאנג, א נסיעה, א שפאציער; דאס פליסען, דאס שטרעמען; די פאלגערונג פון עפעס; דאס אויסהאלטען אדער די דויער-צייט [פון א פארשטעלונג, פון א פאסירונג, פון פאפולאריטעט]; דער פרייער בענוץ פון עפעס [ווי פון א פארק, א גארטען]; א געלאף אויף א באנק [א געלאף פון די דעפאזיטארען צו בעקומען זייער געלד]; אן ארט וואו בהמות ווערען צונויפגעטריבען אדער געהען דורך; א דורכגאנג; דער מאסען-גאנג פון פיש צום ארט וואו זיי ווארפען אב די איקרע; די מאסע פיש אין דיעזען גאנג; דאס קענען לויפען; דאס דורכשניטליכע, דאס געוועהנליכע; א פאר מיהל-שטיינער; דאס ארט פון אונטערשטען דעק פון א שיף וואו ער הויבט אן זיך צו פעררונדען און פערבויגען ארויף; דער שטח פון א לאנד; די אויסדעהנונג; די ריכטונג; אין מוזיק — א רולאדע, א שנעלע פאלגערונג פון טענער.

run'about *n.* (ראנ'-ע-באוט) א פוסט-און פאסניק; א וואגאבונד; אן ארומלויפערקע; א לייכטער אפענער וועגעל.

run about' (ראן ע-באוט') ארומלויפען.

run across' (ראן ע-קראהס') טרעפען זיך מיט אימעצען, צופעליג בעגעגענען זיך.

run a ditch (ראן ע דיטש) ציהען א גראבען.

run af'ter (ראן עפ'-טער) יאגען זיך נאך עפעס [ווי נאך כבוד, נאך פאפולאריטעט]; אימעצען נאכלויפען.

run against' (ראן ע-גענסט') קומען אין צוזאמענשטויס מיט אימעצען אדער עפעס; טרעפען זיך מיט אימעצען; זיין אונגינסטיג צו עפעס.

run'agate *a. and n.* (ראנ'-ע-גייט) אבטריניג, גע'שמד'ט; וואנדערענד; ארומלויפענד; א רענעגאט, א משומד, אן אבטריניגער; אן אוועקגעלאפענער, א דעזערטיר; אן ארומלויפער, א וואנדערער.

run aground' (ראן ע-גראונד') זינקען, אונטערגעהן, צו גרונד געהן; זיך אוועקזעצען אויף'ן גרונד.

run a guard (ראן ע גארד) פערבייגעהן א וואך אונבעמערקטערהייד.

run ahead' of one's reck'oning (ראן ע-העד' אוו הוואנז רעק'נ-אינג) לעבען איבער די מיטלען.

run a match (ראן ע מעטש) זיך פעררוועטען אין לויפען.

run amuck' (ראן ע-מאק') אנפאלען אויף אלץ און אויף יעדען מיט א ווילדער בייזקייט; ווילד אומלויפען; טהאן עפעס אויף א ווילדען, ריזיקאלישען שטייגער אהן איבערלעגונג.

run a rig (ראן ע ריג) אבטהאן א שטוקע.

run a risk (ראן ע ריסק) אונטערנעהמען א ריזיקאלישע זאך, זיין אין ריזיקע.

run at (ראן עט) פלוצלונג אנפאלען אדער אטאקירען.

run'away *n. and a.* (ראנ'-ע-הוויי) אן אוועקגעלאפענער, א דעזערטיר; דאס אוועקלויפען; איינער וואס בראדזשעט אדער טרייבט זיך ארום; אוועקלויפענד, אנטלויפענד.

run away' with (ראן ע-הוויי' הוויטה) שנעל אבטראגען זיך; אנטלויפען מיט עפעס אדער אימעצען; אוועקטראגען צו ווייט, פערפליהען אין דער אונענדליכקייט.

run awry' (ראן ע-ראי') ווערען שלעכט; פערדארבען ווערען; אראבגעהן פון דרך הישר.

run before' (ראן בי-פאור') אנטלויפען [ווי פון שונא]; אריבעריאגען; אריבערשטייגען.

run by (ראן באי) פערביילויפען.

run coun'ter (ראן קאונ'-טער) זיין צואווידער; געהן להיפוך.

run deep (ראן דיעפ) שווימען טיעף אונטער'ן וואסער.

run'dle *n.* (ראנדל) א גראבען פול מיט וואסער; א קריי-פערמיגע זאך; א טרעפ פון א לייטער.

rund'let *n.* (ראנד'-לעט) א פעסעלע, א קליין פעסעל.

run down (ראן דאון) אויסנעהן, אבשטעלען זיך [ווי א זייגער]; ווערען אויסגעצעהרט אדער אבגעשוואכט; מנצח זיין, בעזיעגען; אראבזעצען פון ווערטה; אונטערשעצען; זינקען [פון א שיף ביים אנשטויסען זיך אן אן אנדער שיף].

run down a coast (ראן דאון ע קאוסט) שווימען פארביי דעם ברעג [וועגען א שיף].

run dry (ראן דראי) ווערען טרוקען, זיך אויסשעפען.

rune *n.* (רוהן) א רונע, א בוכשטאב פון דעם אלט-גערמאנישען אדער סקאנדינאווישען אלפאבעט; א מיסטישעס שפריכווארט פון די אלט-סקאנדינאווישע חכמים; א געהיימניס, א סתרי תורה.

rune'craft *n.* (רוהנ'-קרעפט) קענטניס פון דער אלט-גערמאנישער אדער סקאנדינאווישער שריפט. ז. *rune*.

run for (ראן פאר) לויפען נאך עפעס; זוכען; זיין א קאנדידאט אויף...

rung (ראנג) נעקלונגען. ז. *ring*.

rung *n.* (ראנג) 1. א שטאנג; 2. א טרעפ [פון א לייטער]; א שטופע.

2. He reached the highest rung on the ladder of success.

run hard (ראן הארד) שטארק יאגען זיך.

ru'nic *a. and n.* (רוה'-ניק) רוניש, אלט-סקאנדינאוויש; אזא דרוק-שריפט.

ru'nic char'acters (רוה'-ניק קער'-עק-טערז) ז. *runic letters*.

ru'nic let'ters (רוה'-ניק לעט'-ערז) רונישע בוכשטאבען, דער פארצייטיגער סקאנדינאווישער אלפאבעט.



Runic Letters

run i'dle (ראן אידל) לעער לויפען [וועגען טיילען פון א מאשין, וועלכע בעוועגען זיך און לייסטען ניט קיין ארבייט].

run in (ראן אין) אין דרוקעריי — פארזעצען אין דערזעלביגער שורה, ניט אנ-

הויבענדיג פון א נייעם אבזאץ; פערנעהמען א קלענערען פלאץ אין שריפט איידער מען האט גערעכענט פריהער [וועגען קאפיע אדער מאנוסקריפט]; אריינזעצען אין טורמע.

run in debt (ראן אין דעט) אריינפאלען אין חובות; מאכען חובות.

run in the blood (ראן אין טהי בלאד) איינגעבארען זיין, זיין א גע'ירש'ענטע אייגענשאפט, זיין א פאמיליען-אייגענשאפט אדער א ראסען-אייגענשאפט.
He is widely known for his hospitality. It **runs** in his blood.

run in'to (ראן אינ'-טו) לויפען אנטקעגען; זיך צוזאמענשטויסען.

run in'to dan'ger (ראן אינ'-טו דיינ'-דזשער) אריינפאלען אין געפאהר.

run in'to debt (ראן אינ'-טו דעט) אריינקריכען אין חובות.

run in'to the ground (ראן אינ'-טו טהי גראונד) דערגעהן ביז אן עקסטרעם; איבערטרייבען, אריבערכאפען די מאס.

run in with (ראן אין הוויטה) זיך צונויפגעהן, איבעראיינשטימען.

run'let *n.* (ראנ'-לעט) א קליין טייכעל אדער שטראם.

run like split (ראן לאיק ספליט) לויפען זעהר שנעל.

run low (ראן לאו) זיין צו ענדע, אויסגעהן.

run mad (ראן מעד) משוגע ווערען, ווילד ווערען.

run'nel *n.* (ראנ'-על) א קליין טייכעל.

run'ner *n.* (ראנ'-ער) א לויפער; א לויף-פערד, א פערד וואס לויפט אין א וועט-לויף; אן אוועקלויפער, אן אנטלאפענער; א דעזערטיר; א קאנטראבאנדיסט; א מאשיניסט, איינער וואס בעטרייבט א מאשין; א פליסענדער שטראם; א שליח, א קוריער; א קונדען-זוכער [פאר אן אייזענבאהן, פאר א האטעל א. ד. ג.]; א האנדעלס-רייזענדער; אין ענגלאנד — א געהילף פון א שעריף, א געהיים-פאליציסט; דער טייל פון א זאך דורך וועלכען זי גליטשט זיך [ווי די שינעס פון א שליטען]; דער אויבערשטער בעוועגליכער שטיין פון א פאר מיהל-שטיינער; דער רינג, דורך וועלכען א שטריק אדער אן אנדער זאך גליטשט זיך ארויף און אראב; אין א סיסטעם פון ראלען אדער בלאקען [ז. *pulley*] — א בעוועגליכע ראלע [צום אונטערשייד פון א ראלע, וואס איז צו עפעס צוגעפעסטיגט]; א דיקער שטריק וואס ציהט זיך פון איין ראלע און געהט דורך אן אנדערער; אין באטאניק — א דין שטענגעל וואס ציהט זיך איבער דער ערד פון ווארצעל און לאזט פון זיך ארויס ביים ענד בלעטלעך און ווארצלען.

run'ning *n. and a.* (ראנ'-אינג) דאס לויפען; דאס ריזיקירען; די פעהיגקייט צו לויפען; דאס וואס פליסט אדער שטראמט; די ריכטונג פון עפעס, וואס פליסט אדער שטראמט; לויפענד; וואס איז צוגעפאסט צום לויפען; וואס איז געמאכט שנעל, האסטיג [ווי קורסיוו-שריפט]; אין שטענדיגער פאלגערונג, אהן איבעררייסונג; נאכאנאנד, כסדר.

run'ning account' (ראנ'-אינג ע-קאונט') א לויפענדע רעכנונג [אין בוכהאנדלונג].

run'ning fight (ראנ'-אינג פאיט) א געפעכט וואס ווערט אנגעהאלטען צווישען דעם אנטלויפענדען און נאכלויפענדען צד.

run'ning fire (ראנ'-אינג פאיר) אין מיליטער — דאס שיסען מיט א רייה זאלפען איינער נאך'ן אנדערען.

run'ning hand (ראנ'-אינג הענד) א געלויפיגע האנדשריפט, קורסיוו.

run'ning horse (ראנ'-אינג האהרס) א וועט-לויף-פערד.

run'ning lights (ראנ'-אינג לאיטס) די ליכט וואס ווערען אויפגעהאנגען אויף א שיף פון זונען-אונטערגאנג ביז זונען-אויפגאנג.

run'ningly *adv.* (ראנ'-אינג-לי) לויפענדיג; אהן איבעררייסונג, אהן אונטערברעכונג.

run'ning match (ראנ'-אינג מעטש) א וועט-לויף.

run'ning pat'terer (ראנ'-אינג פעט'-ער-ער) אן אויסשרייער און פערקויפער פון אלטווארג, ביליגע ביכער, צייטונגען א. ד. ג.

run'ning sore (ראנ'-אינג סאור) א וואונד פון וועלכער עס פליסט אייטער [פלאגמע].

run'ning sta'tioner (ראנ'-אינג סטיי'-שאנ-ער) ז. *running patterer*.

run'ning-trap *n.* (ראנ'-אינג-טרעפ) א טייל פון א רעהר וואס איז אויסגעבויגען אין דער פארם פון א *U*. זייענדיג שטענדיג פול מיט וואסער, דערלאזט עס ניט די גאזען און שלעכטע ריחות צו געהן צוריק דורך דער רעהר.

run off (ראן אף) 1. מאכען עס זאל ארויספליסען [ווי צושמאלצענער מעטאל]; 2. אין טעאטער — צונעהמען, אוועקשלעפען [די דעקאראציאן פון דער סצענע]; 3. אין דרוקעריי — אבדרוקען א געוויסע צאהל עקזעמפלארען; 4. איבערזאגען, איבערצעהלען.
3. This press will **run off** ten thousand copies every hour. 4. He **ran off** the figures from memory.

run'-off *n.* (ראנ'-אף) די מאסע רעגען-וואסער, וואס ווערט ניט אויסגעדאמפפט אדער איינגעזויגען אין דער ערד, נאר רינט אב אין סאזשעלקעס און טייכען.

run off with (ראן אף הוויטה) ז. *run away with*.

run of stones (ראן אוו סטאונז) א פאר מיהל-שטיינער.

runol'ogy *n.* (רו-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די רונען אדער אלט-סקאנדינאווישע שריפטען.

run on (ראן אן) פארטזעצען, געהן ווייטער; אין דרוקעריי — זעצען אין דערזעלביגער שורה, ניט אנהויבענדיג פון א נייעם אבזאץ; לאכען, זיך לוסטיג מאכען; אין טעאטער — ברייגנען די דעקאראציאנען אויף דער סצענע; לאזען אין בעוועגונג א מאשין.

run one's face (ראן הוואנז פיים) נושא חן זיין אדער בעקומען קרעדיט אהן קיינעמס רעקאמענדאציאן, נאר דורך מוטה אדער עזות.

run on shore (ראן אן שאור) ארויפלויפען אדער ארויפטרייבען אויף דער יבשה [וועגען א שיף].

run out (ראן אוט) 1. אויסלויפען, אויסגעהן; 2. קומען צו א סוף, ענדיגען זיך; זיך אויסנעהמען; 3. פעראָרעמט ווערען פון אויסברייגנעריי; אין דרוקעריי — פערנעהמען א גרעסערען פלאץ אין שריפט ווי מען האט אויסגערעכענט [וועגען מאנוסקריפט]; ארויסיאגען, ארויסטרייבען.
2. His money will soon **run out**.

run out of (ראן אוט אוו) אויסגעצעהרט ווערען, זיך אויסלעדיגען פון עפעס [ווי פון געלד]; פטר'ען דאס לעצטע ביסעל.

run o'ver (ראן או'-ווער) אריבערלויפען, אריבערפליסען; געשווינד אריבערגעהן עפעס; איבערפאהרען עפעס אדער אימעצען; דורכלויפען אדער דורכקוקען; שנעל פארביילויפען נאך אמאל.

run ri'ot (ראן ראי'-אט) ווילד ווערען, ניט האבען קיין אבהאלט; זיין ניט איינגעהאלטען.

run rus'ty (ראן ראס'-טי) זיך פערעקשנ'ען, זיך ניט וועלען אונטערווארפען; זיך אנטקעגען שטעלען.

run short (ראן שאהרט) צו קורץ קומען, אויסגעהן.

runt *n.* (ראנט) א דקה, קליין-פיה; א קעלבעל; א קליין-געוויקסיגעס טהיער; א קארליק, א קליין מענשעלע.

run the gant'let (ראן טהי גענט'-לעט) לויפען דורך'ן טשערינג [א מיליטערישע שטראף, ביי וועלכער א האלב-נאקעטער סאלדאט פלעגט דארפען דורכלויפען דורך צוויי שערענגעס סאלדאטען, וועלכע פלעגען איהם שמייסען מיט ריטער].

run the risk (ראן טהי ריסק) ריזיקירען.

run the stage (ראן טהי סטיידזש) צוגרייטען די גאנצע דעקאראציאן אויף דער סצענע פון א טעאטער איידער עס פאנגט זיך אן די פארשטעלונג.

run through (ראן טהרו) שנעל אויסברייגנען, שנעל פטר'ען.
He soon **ran through** his fortune.

run to earth (ראן טו אוירטה) אין געיעג — דעריאגען א חיה ביז איהר לאך אדער נארע.

run togeth'er (ראן טו-געטה'-ער) אויסמישען זיך, זיין אין א געמיש [ווי פערשיעדענע מעטאלען, פון וועלכע עס ווערט געמאכט איין כלי]; בעהעפטען צוויי בעזונדערע שטיקער [ווי ביים נעהען]; צוזאמענלויפען.

run to seed (ראן טו סיעד) שנעל אויסשפראצען און אויסוואקסען אין קערנער; שנעל אויסגעטריקענט ווערען, פערלירען שנעל די כחות.

run to wreck (ראן טו רעק) צו גרונד געהן.

run up (ראן אפ) זיך הויבען, וואקסען, פערגרעסערט ווערען, אויפשטייגען; זיך צונויפציהען, צונויפקארטשען [ווי א נאסעס טוך]; איבערצעהלען שנעל פון אותיות ארויף, ווי א זייל אדער רובריק פון צאהלען; זיך אויפהויבען, זיך פערגרעסערען; שנעל עפעס פערריכטען; שנעל עפעס אויפבויען.

run upon' (ראן א-פאן') אבלאכען, מאכען שפאס פון איינעם.

run'way *n.* (ראנ'-הוויי) דער וועג איבער וואס עפעס לויפט אדער פליסט [ווי דער גראבען פון א טייך]; א וועג אדער שטעגנעלע, איבער וועלכען עס געהען חיות.

run well (ראן הוועל) האבען ערפאלג.

run wild (ראן הוואילד) ווילד ווערען.
The children **run wild** during recess.

rupee' *n.* (רו-פיע') די רופיע [אן אינדישע זילבערנע מטבע פון אן ערך 48 אמעריקאנער סענט].

rup'tion *n.* (ראפ'-שאן) א ברוך, אן עפענונג [דורך אויפפלאצען].

rup'ture *n. and v.* (ראפ'-טשור) אויפברעכונג, פאנאנדערפלאצונג; א ברוך; א קילע; אן אויסברוך פון פיינדליכקייט; א מחלוקה, א קריעג; אויפברעכען; פלאצען; פעראורזאכען א ברוך; מאכען א

קילע; פלאצען אדער זיך עפענען אונרעגעלמעסיג [וועגען געוויסע פרוכטען].

rup'turewort *n.* (ראפ'-טשור-הווארט) ברוך=גראז [אזא גראז=פלאנצע וואס פלעגט פארצייטען געברויכט ווערען אלס מיטעל צו א ברוך אדער קילע].

ru'ral *a.* (רוה'-רעל) אגריקולטורעל; דארפיש; וואס איז שייך צו ערד=ארבייט.

ru'ralise *v.* (רוה'-רעל-איז) ז. ***ruralize***

ru'ralism *n.* (רוה'-רעל-איזם) דארפישקייט, דארפישעס לעבען, דארפישע מנהגים, א דארפישער שפראך=אויסדרוק.

ru'ralist *n.* (רוה'-רעל-איסט) א דארפס=איינוואהנער, א לאנד=איינוואהנער.

rural'ity *n.* (רו-רעל'-אי-טי) דארפישקייט, דאס זיין דארפיש; דאס דארפישע לעבען.

ru'ralize *v.* (רוה'-רעל-איז) לעבען אין דארף, פיהרען א דארפיש לעבען; צוגעבען א דארפישען כאראקטער אדער אויסזעהן.

ru'rally *adv.* (רוה'-רעל-אי) אויף'ן דארפישען שטיינער, ווי אין א דארף.

ru'ralness *n.* (רוה'-רעל-נעס) דארפישקייט, דאס זיין דארפיש.

ru'sa *n.* (רוה'-סא) א מין אסט=אינדישער הירש מיט פערצווייגטע הערנער; דאס לעמאן=גראז אדער אינגבער=גראז [אזא פלאנצע וואס גיט ארוים א מין אויל].

ruse *n.* (רוהז) ליסטינקייט, כיטראסט, הינטער=פיסלעך; סטראטעגיק, א מאנעווערע, אן אויפטהו אדער כיטראסט אין קריעג.

rush *n. and v.* (ראש) ראהר [טראסטניק, קאמיש, אטשערעט]; א קלייניגקייט, א ווערטהלאזע זאך; איילעניש, שטופעניש, א שטירצען, א געלאף; א נעדרענג, א גע=טומעל; א שטארקע פאדערונג אויף עפעס; אין פוס=באל=שפיעל — דאס דורכשטופען זיך מיט'ן באל דורך די געגנער צו זייער ציעל; דאס דורכגעהן ערפאלגרייך און עקזאמען; א מחנה פויגלען; זיך איילען, לויפען, שטירצען; טומלען, מאכען א נעדרענג, זיך שטופען; טהאן עפעס אהן איבערלעגונג און אין איילעניש; טרייבען, יאגען, שטופען; איילען; אין פוס=באל=שפיעל — שטרעבען צוצוקומען מיט'ן באל צום געגנער'ס ציעל.

rush'-bot'tomed *a.* (ראש'-באט'-אמד) מיט א ראהר=זיץ [ווי א שטוהל, למשל]. The room was full of **rush-bottomed** furniture.

rush'-broom *n.* (ראש'-ברוהם) דער אויסטראלישער אדער שפאנישער בעזים=שטרויך [אזא אויסטראלישער אדער אייראפעאישער קוסט מיט ראהר=עהנליכע צווייגען].

rush'-buck'ler *n.* (ראש'-באק'-לער) א ווילדער, צולאזענער יונג.

rush'-can'dle *n.* (ראש'-קענ'דל) א ראהר=ליכט [א שטיקעל ראהר אדער קאמיש בעדעקט מיט חלב].

rushed *a.* (ראשט) בעוואקסען מיט ראהר [קאמיש].

rush'er *n.* (ראש'-ער) איינער וואס איילט זיך אדער שטויסט זיך; אין פוס=באל שפיעל — איינער וואס האט די אויפגאבע דורכצושטויסען דעם באל צום געגנער'ס ציעל.

rush'-grass *n.* (ראש'-גרעס) ראהר=גראז [אזא מין דיקעס גראז].

rush'-grown *a.* (ראש'-גראון) בעוואקסען מיט ראהר [קאמיש].

rush'-hold'er *n.* (ראש'-האולד'-ער) א לייכטער פאר ראהר=ליכט. ז. ***rush-candle***

rush'iness *n.* (ראש'-אי-נעס) דאס זיין בעדעקט מיט ראהר [טראסטניק, קאמיש].

rush'light *n.* (ראש'-לאיט) ז. ***rush-candle***

rush'-like *a.* (ראש'-לאיק) עהנליך צו ראהר; וועיך; וואס בויגט זיך ווי ראהר; שוואך.

rush'-line *n.* (ראש'-לאין) די רייהה פון די שפיעלער אין פוס=באל שפיעל, וואס האבען די אויפגאבע דורכצושטויסען דעם באל צום געגנער'ס ציעל.

rush'-nut *n.* (ראש'-נאט) דאס עסבארע ציפער=גראז אדער ראהר=נוס [די פרוכט פון דיעזען גראז ווערט געברויכט אלס שפייז]. ז. איל. ***"Grasses & their Allies"***

rush'-stand *n.* (ראש'-סטענד) ז. ***rush-holder***

rush'-stick *n.* (ראש'-סטיק) ז. ***rush-holder***

rush'y *a.* (ראש'-אי) בעדעקט מיט ראהר; רייך אין ראהר; געמאכט פון ראהר [טראסטניק, קאמיש, אטשערעט].

rusk *n. and v.* (ראסק) צוקלאפטער צוויעבאק אדער סוכארעס; אזא לייכטער צוקער=געבעקס; א מין וויכער, זיסער צוויעבאק; פערוואנדלען אין צוויעבאק און צושטויסען.

rus'kie *n.* (ראס'-קי) עטוואס וואס איז געפלאכטען פון צווייגען, שטרוי א. ז. וו. [ווי למשל, א הוט, א קאשיק, א ביענשטאק א. ז. וו.].

Russ *n. and a.* (ראס) ז. ***Russian***

Russ. אבקירצונג פון ***Russia*** אדער ***Russian***

sa'liently *adv.* (סיי'-לי-ענט-לי) אויף אן אבשטעהענדער ארט; ארויסשטארצענ-דיג; אבשפרינגענדיג.

salif'erous *a.* (סע-ליפ'-ע-ראס) אין געאלאגיע — זאלציג, וואס גיט ארויס זאלץ [וועגען די זאלץ-שיכטען אין דער ערד].

sal'ifiable *a.* (סעל'-אי-פאי-עבל) זאלץ-מאכענד, זאלץ-ארויסגעבענד; וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין זאלץ.

salifica'tion *n.* (סעל-אי-פי-קיי'-שאן) די זאלץ-בילדונג, די זאלץ-מאכונג; די פערוואנדלונג אין זאלץ.

sal'ify *v.* (סעל'-אי-פאי) פערוואנדלען אין זאלץ, אויסבילדען א זאלץ.

sal'igot *n.* (סעל'-אי-גאט) די וואסער-נוס אדער וואסער-קאשטאניע [א מין וואסער-פלאנצע פון די ווארימע לענדער].

salim'etry *n.* (סע-לימ'-ע-טרי) ז. ***salinometry***

sali'na *n.* (סע-לאי'-נא) א זאלץ-ווערק; א פלאץ וואו מען פראדוצירט אדער מען זאמעלט זאלץ.

salina'tion *n.* (סעל-אי-ניי'-שאן) דאס וואשען אדער דורכנעצען עפעס מיט זאלץ-וואסער.

saline' *a. and n.* (סע-לאין') זאלציג, געזאלצען; וואס איז שייך צו זאלץ; א זאלץ-קוואל; א זאלץ-גרוב.

saline'ness *n.* (סע-לאינ'-נעס) זאלציג-קייט, דאס זיין געזאלצען, דאס ענטהאל-טען זאלץ.

salinif'erous *a.* (סעל-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס ברייננט ארויס זאלץ.

salin'iform *a.* (סע-לינ'-אי-פארם) זאלץ-פערמיג.

salin'ity *n.* (סע-לינ'-אי-טי) ז. ***salineness***

salinom'eter *n.* (סעל-אי-נאמ'-ע-טער) אן אפאראט צו מעסטען וויפיעל זאלץ עס געפינט זיך אין א געוויסער פליסיגקייטס-מישונג.

salinom'etry *n.* (סעל-אי-נאמ'-ע-טרי) דאס אויסמעסטען וויפיעל זאלץ עס גע-פינט זיך אין א פליסיגקייטס-מישונג.

salinoterrene' *a* (סע-לאי-נאו-טע-ריין') וואס איז געמישט פון זאלץ מיט ערד.

sali'va *n.* (סע-לאי'-ווא) שפייעכץ, סלונע.

sali'va-ejec'tor *n.* (סע-לאי'-ווא-אי-דזשעק'-טאר) ז. ***saliva-pump***

sal'ivant *a. and n.* (סעל'-אי-וואנט) וואס לאזט ארויס שפייעכץ; א מיטעל ארויסצורופען שפייעכץ.

sali'va-pump *n.* (סע-לאי'-ווא-פאמפ) אן אינסטרומענט ביי דענטיסטען ארויס-צוציהען דאס שפייעכץ פון מויל.

sal'ivary *a.* (סעל'-אי-ווע-רי) וואס איז שייך צו שפייעכץ, וואס רופט ארויס שפייעכץ.

sal'ivary glands (סעל'-אי-ווע-רי גלענדז) שפייעכץ-דריזען.

sal'ivate *v.* (סעל'-אי-וויט) ארויסלא-זען פיעל שפייעכץ, לאזען רינען סלונע.

saliva'tion *n.* (סעל-אי-וויי'-שאן) אן איבערפלוס פון שפייעכץ; דאס לאזען צו-פיעל שפייעכץ.

sali'vous *a.* (סע-לאי'-וואס) וואס איז שייך צו שפייעכץ; שפייעכץ-ארטיג.

Sa'lix *n.* (סיי'-ליקס) — אין באטאניק דער מין ווידען אדער ווערבעס [אזעלכע ביימער].

Sallet

sal'let *n.* (סעל'-עט) א האלב-רונדער העלם אדער קאפ-פאנצער [פון 15טען יאהרהונדערט].

sal'low *n., a. and v.* (סעל'-או) א ווידע אדער ווערבע [אזא בוים]; געלב, בלייך, בלאס, מיט א קראנקליכען אויסזעהן; פארבען מיט א געלבליכען קאליר.

sal'low-faced *a.* (סעל'-או-פייסט) מיט א בלאסען, געלבליכען אדער קרענקליכען געזיכט.

sal'lowish *a.* (סעל'-או-איש) עטוואס בלייך; בלאסליך.

sal'lowness *n.* (סעל'-או-נעס) בלייכ-קייט, בלאסקייט, געלקייט פון פנים.

sal'ly *n. and v.* (סעל'-אי) אין מילי-טער — אן אויספאל [אן אטאקע פון די בעלאגערטע אויף די בעלאגערער]; אן אויספאהר, אן אויסגאנג; אין ארכיטעק-טור — אן ארויסשטארצונג; אן אויסשוס אדער אויסברוך פון געפיהלען [ווי שמחה, כעס א. ד. ג.]; ארויסשפרינגען; מאכען אן אויספאל.

sal'ly-port *n.* (סעל'-אי-פאורט) א טויער אין א פעסטונג, דורך וועלכען די סאלדאטען מאכען אן אויספאל אויף דעם בעלאגערענדען שונא.

salmagun'di *n.* (סעל-מע-גאנ'-די) א מין געמישטעס געריכט; דאס וואס איז געמישט; א געמיש.

salm'on *n. and v.* (סעמ'-אן) [א לאקס פיש פון די צפון-געגענדען פון אייראפא, אזיע און אמעריקא. געפינט זיך אין ים און אויך אין פרישען וואסער]; די אויבער-שטע פון די ציינעל, וואס ווערען געברענגט אין א ברען-אויווען און וועלכע ווערען ניט גוט דורכגעברענט; פערגיפטען אדער קראנק מאכען מיט לאקס.



Salmon

salm'on-col'or *n.* (סעמ'-אן-קאל'-אר) לאקס-קאליר [א ברוין-רויטליכער קאליר].

salm'onet *n.* (סעמ'-אנ-עט) א קליינער לאקס. ז. ***salmon***

salm'on-fly *n.* (סעמ'-אנ-פלאי) א קינסטליכע, געמאכטע פליעג צו כאפען לאקס אויף א ווענטקע.

sal'monoid *a. and n.* (סעל'-מא-נאיד) עהנליך צו לאקס; א פיש פון א געוויסען זארט לאקס.

salm'on-peal *n.* (סעמ'-אן-פיעל) א יונגער לאקס.

salm'on-trout *n.* (סעמ'-אן-טראוט) א מין לאקס. ז. ***salmon***

salom'eter *n.* (סע-לאמ'-ע-טער) ז. ***salinometer***

salon' *n.* (סע-לאהן') א סאלאן, א זאל; אן עלעגאנטעס גאסט-צימער אין אן אריס-טאקראטישען הויז; א זאל פאר קונסט-אויסשטעלונג; אן עלעגאנטע פערזאמלונג.

saloon' *n.* (סע-לוהן') א שענק, א טראק-טיר; א סאלאן, א זאל.

saloon'-car *n.* (סע-לוהנ'-קאר) א סאלאן-וואגאן, א עלעגאנט-געפוצטער וואגאן אין אן אייזענבאהן-צוג.

saloo'nist *n.* (סע-לוה'-ניסט) ז. ***saloon-keeper***

saloon'-kee'per *n.* (סע-לוהנ'-קיע'-פער) א שענקער.

saloop' *n.* (סע-לוהפ') דער סאלעפ, א געטראנק וואס ווערט געמאכט פון א גע-וויסען געוויריץ [די קארע פון סאסאפראס-בוים].

salpingi'tis *n.* (סעל-פינ-דזשאי'-טיס) אין מעדיצין — אן ענטצינדונג פון די פאלאפישע רעהרען [אין די געשלעכטס-ארגאנען פון א פרוי].

Salsify

sal'sify *n.* (סעל'-סי-פי) דער באק-בארד אדער האבער-ווארצעל [א מין גראז מיט איינצעל-נע בלימעלעך אויף די שפיצען פון די שטענגלעך. דער ווארצעל ווערט גע-ברויכט אין עסען].

sal'so-ac'id *a.* (סעל'-סאו-עס'-איד) געזאלצען און זויערליך.

sal-so'da *n.* (סעל-סאו'-דא) וואש-סארע.

salt *n., a. and v.* (סאהלט) זאלץ; קאך-זאלץ; אין כעמיע — א זויערע, וואו איי-נער אדער עטליכע אטאמען וואסער-שטאף ווערען פערביטען דורך דערזעלבער צאהל אטאמען פון א מעטאל; אין מעדיצין — אן אבפיהרונגס-זאלץ; א זאלץ-מעסטעל; דאס וואס גיט צו געשמאק; א גוטער טעם; דאס וואס איז בייסענד אדער פי-קאנט, א סארקאזם, א וויציג ווארט; מעסיגונג, איינגעהאלטענקייט; א מאט-רָאז; זאלציג, געזאלצען; שארף, פיקאנט, בייסענד; טייער; זאלצען, בעזאלצען, איינזאלצען; אנפילען מיט זאלץ די שפאלטען צווישען די ברעטער פון א שיף [כדי זיי זאלען ניט פוילען]; צו-געבען זאלץ, בעזארגען מיט זאלץ.

sal'tant *a.* (סעל'-טענט) שפרינגענד, טאנצענד.

saltarel'lo *n.* (סעל-טע-רעל'-או) סאל-טארעלא, אן איטאליענישער אדער שפא-נישער טאנץ; מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

sal'tate *v.* (סעל'-טייט) שפרינגען.

salta'tion *n.* (סעל-טיי'-שאן) דאס שפרינגען; א שפרונג.

saltato'rial *a.* (סעל-טע-טאו'-רי-על) שפרינגענד; וואס איז שייך צו שפרינגען אדער טאנצען.

saltato'rious *a.* (סעל־טע־טאו׳־רי־אַס) ז. *saltatorial*.

sal'tatory *a. and n.* (סעל׳־טע־טאַ־רי) וואָס בעוועגט זיך דורך שפּרינגען; וואָס איז געאיבט אין שפּרינגען אָדער טאַנצען; אַ שפּרינגער אָדער טענצער.

salt'-box *n.* (סאָהלט׳־באָקס) אַ זאַלץ־פּושקע; אַ זאַלץ־קאַסטען.

salt'-cel'lar *n.* (סאָהלט׳־סעל׳־אַר) אַ זאַלץ־מעסטעל [אַ קליינע כּלי, אין וועלכער מען דערלאַנגט זאַלץ צום טיש].

salt'-cote *n.* (סאָהלט׳־קאָוט) אַ זאַלץ־גרוב.

sal'ter *n.* (סאָהל׳־טער) אַן איינזאַלצער; אַ זאַלץ־הענדלער; איינער וואָס האַנדעלט מיט געזאַלצענע פיש אָדער פלייש.

salterel'lo *n.* (סעל־טע־רעל׳־או) ז. *saltarello*.

sal'tern *n.* (סאָהל׳־טערן) אַ זאַלץ־ווערק, אַ פּלאַץ וואו מען לאָזט פערדאַמפּפען אָדער אויסדרונסטען ים־וואַסער אום צו בעקומען זאַלץ.

salt'-gar'den *n.* (סאָהלט׳־גאַר׳־דן) אַ גרוב, וואו מען דאַמפּפט אויס זאַלץ־וואַסער, אום צו בעקומען זאַלץ.

salt'-hol'der *n.* (סאָהלט׳־האָול׳־דער) ז. *salt-cellar*.

salt'-horse' *n.* (סאָהלט׳־האָהרס׳) געזאַלצענעס פלייש [וואָס ווערט געברויכט פון מאַטראָזען].

sal'tigrade *a. and n.* (סעל׳־טי־גרייד) וואָס האָט פיסלעך צום שפּרינגען; אַ מין שפּין וואָס שפּרינגט אַרויף אויף זיין רויב.

sal'ting *n.* (סאָהל׳־טינג) דאָס זאַלצען; אַ זומפּ אָדער פייכטעס לאַנד וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט זאַלץ.

sal'ting-house *n.* (סאָהל׳־טינג־האַוס) אַ פּלאַץ וואו מען זאַלצט פיש, פלייש א. ד. ג.

sal'tish *a.* (סאָהל׳־טיש) געזאַלצענליך, עטוואָס געזאַלצען.

sal'tishness *n.* (סאָהל׳־טיש־נעס) דאָס זיין עטוואָס געזאַלצען.

salt'less *a.* (סאָהלט׳־לעס) אונגעזאַלצען; אָהן זאַלץ, אָהן געשמאַק, אָהן טעם.

salt'-lick *n.* (סאָהלט׳־ליק) אַ פּלאַץ וואו דער באָדען איז דורכגעזאַפּט מיט זאַלץ און חיות, ווי די בופלאָקסען, קומען אַהין צו לעקען דעם גרונט.

salt'ly *adv.* (סאָהלט׳־לי) מיט אַ טעם פון זאַלץ.

salt'-man *n.* (סאָהלט׳־מען) אַ זאַלץ־הענדלער.

salt'-marsh *n.* (סאָהלט׳־מאַרש) אַ גראָז־לאַנקע וואו דער באָדען איז דורכגעזאַפּט מיט זאַלץ.

salt'master *n.* (סאָהלט׳־מעס־טער) אַן איינגענטימער אָדער פערוואַלטער פון זאַלץ־גרובען.

salt'-mine *n.* (סאָהלט׳־מאַין) אַ זאַלץ־גרוב.

salt'ness *n.* (סאָהלט׳־נעס) געזאַלצענקייט.

salt'-pan *n.* (סאָהלט׳־פּען) אַ מין גרויסער קעסעל, אין וועלכען מען לאָזט פערדאַמפּפען אָדער אויסדרונסטען זאַלץ־וואַסער, כּדי צו בעקומען זאַלץ.

saltpe'ter *n.* (סאָהלט־פּי׳־טער) סאַלפּעטער אָדער סעליטרע, ז. *niter*.

saltpe'tre *n.* (סאָהלט־פּי׳־טער) ז. *saltpeter*.

saltpe'trous *a.* (סאָהלט־פּי׳־טראַס) סאַלפּעטעריש, וואָס איז שייך צו סאַלפּעטער אָדער סעליטרע [אַ מין זאַלץ].

salt'-pit *n.* (סאָהלט׳־פּיט) אַ זאַלץ־גרוב, אַ זאַלץ־שאַכטע.

salt'-rheum' *n.* (סאָהלט׳־רוהם׳) אַן אויסשלאַג אָדער אויסשיטונג אויף׳ן לייב.

Salt Riv'er (סאָהלט ריוו׳־ער) אַ כּלומר׳שדיגער טייך, דורך וועלכען אַ פּאָליטיש־געשלאָגענער קאַנדידאַט אָדער פּאַרטיי געהט אין פערגעסענהייט אָדער ווערט פּאָליטיש טויט.

salt'-spoon *n.* (סאָהלט׳־ספּוהן) אַ זאַלץ־לעפעלע.

salt'-stand *n.* (סאָהלט׳־סטענד) ז. *salt-cellar*.

salt'-tax *n.* (סאָהלט׳־טעקס) זאַלץ־שטייער, דער אַבצאָהל אויף זאַלץ.

salt'-wa'ter *a.* (סאָהלט׳־וואָה׳־טער) אין זאָאָלאָגיע — וואָס לעבט אין געזאַלצענעם וואַסער אָדער אין ים.

salt'-works *n.* (סאָהלט׳־וואָירקס) אַ פּלאַץ וואו מען דאַמפּפט אויס זאַלץ פון זאַלץ־וואַסער.

sal'ty *a.* (סאָהל׳־טי) ז. *saltish*.

salu'brious *a.* (סע־ליו׳־ברי־אַס) געזונד; וואָס נוצט פאַר׳ן געזונד.

salu'briously *adv.* (סע־ליו׳־ברי־אַס־לי) אויף אַן אופן וואָס נוצט צום געזונד.

salu'briousness *n.* (סע־ליו׳־ברי־אַס־נעס) ז. *salubrity*.

salu'brity *n.* (סע־ליו׳־ברי־טי) געזונדקייט; דאָס זיין ניצליך פאַר׳ן געזונד.

sal'utarily *adv.* (סעל׳־יו־טע־רי־לי) מיט היילזאַמקייט, מיט געזונדקייט.

sal'utariness *n.* (סעל׳־יו־טע־רי־נעס) היילזאַמקייט, געזונדקייט; דאָס זיין ניצליך צום געזונד.

sal'utary *a.* (סעל׳־יו־טע־רי) היילזאַם, געזונד; וואָס גיט צו געזונד; ניצליך.

saluta'tion *n.* (סעל־יו־טיי׳־שאַן) דאָס סאַלוטירען אָדער בעגריסען; דער גרוס, די בעגריסונג.

salutato'rian *n.* (סע־ליו־טע־טאָו׳־רי־ען) אין די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען — איינער פון די געענדיגטע סטודענטען, וועלכער האַלט די בעגריסונגס־רעדע ביי דער צערעמאָניע פון אויסטיילען דיפּלאָמען צו די געענדיגטע.

salu'tatorily *adv.* (סע־ליו׳־טע־טאַ־רי־לי) דורך בעגריסונג; מיט אַ סאַלוט.

salu'tatory *a. and n.* (סע־ליו׳־טע־טאַ־רי) וואָס איז שייך צו סאַלוטירען אָדער בעגריסען; אַ בעגריסונגס־רעדע.

salute' *v. and n.* (סע־ליוט׳) גריסען, בעגריסען; סאַלוטירען; דער גרוס, די בעגריסונג; אַ סאַלוט, אַ בעגריסונגס־אויסשאָס [פון עטליכע קאַנאָנען מיט אַמאָל]; אַ קוש.

salu'ter *n.* (סע־ליו׳־טער) איינער וואָס בעגריסט.

salvabil'ity *n.* (סעל־ווע־ביל׳־אי־טי) די מעגליכקייט געראַטעוועט צו ווערען; דאָס קענען געראַטעוועט ווערען.

sal'vable *a.* (סעל׳־וועבל) וואָס קען גערעטעט ווערען.

sal'vableness *n.* (סעל׳־וועבל־נעס) ז. *salvability*.

sal'vably *adv.* (סעל׳־ווע־בלי) אויף אַן אופן דאָס מען קען גערעטעט ווערען.

sal'vage *n.* (סעל׳־ווערדזש) דאָס רעטען אַ שיף פון אַן אונטערגאַנג אָדער אונגליק; אַ בעלוינונג פאַר רעטען אַ שיף אָדער וואַארע; דאָס געראַטעוועטע אייגענטום.

salvatel'la *n.* (סעל־ווע־טעל׳־אַ) אין אַנאַטאָמיע — דער סאַלוואַטעל־אָדער [אַן אָדער אויף דער אויבערשטער זייט פון קליינעם פינגער פון דער האַנד].

salva'tion *n.* (סעל־וויי׳־שאַן) דאָס רעטען, דאָס הייל; די זעליגקייט; די רעטונג פון זינד.

Salva'tion Ar'my (סעל־וויי׳־שאַן אַר׳־מי) די סאַלוויישאַן אָדער רעטונגס־אַרמעע [אַ קריסטליך־רעליגיעזע אָרגאַניזאַציאָן אין דער פאָרם פון אַ מיליטערישער אָרגאַניזאַציאָן געגרינדעט אין ענגלאַנד אין 1865 פאַר מיסיאָנס־אַרבייט און צו העלפען גייסטיג און מאַטעריעל געזונקענע און געפאַלענע].

Salva'tionism *n.* (סעל־וויי׳־שאַן־איזם) די פּרינציפּען און מעטאָדען פון דער "סאַלוויישאַן אַרמעע". ז. *Salvation Army*.

Salva'tionist *n.* (סעל־וויי׳־שאַן־איסט) אַ מיטגליעד פון דער "סאַלוויישאַן־אַרמעע". ז. *Salvation Army*.

salve *v.* (סעלוו) רעטען עפּעס פון אַן אונגליק.

salve *n. and v.* (סאַהוו) אַ זאַלב, אַ פּלאַסטער; אַ רפואה, אַ סגולה, אַ הילף; היילען; רעטען, ערלעזען.

sal've *int.* (סעל׳־ווי) עס לעבע! עס זאָל לעבען! עס זאָל געזונד זיין!

sal'ver *n.* (סאַה׳־ווער) איינער וואָס גיט זאַלבען, אַ רופא.

sal'ver *n.* (סעל׳־ווער) אַ פּאַלומיסאַק; אַן אונטער־טעלער, אַ ספּאָדעק; איינער וואָס רעטעט עפּעס פון אַן אונגליק.

sal'vo *n.* (סעל׳־וואָו) אַן אויסנאַהמע, אַן אויסשליסונג; אַן אויסרייד, אַ תירוץ; אַ זאַלב, אַן אויסשאָס פון עטליכע האַרמאַטען מיט אַמאָל, אַלס אַ מיליטערישער סאַלוט.

sal'vor *n.* (סעל׳־וואָר) איינער וואָס רעטעט אַ שיף אָדער וואַארע פון אַ פייער א. ז. וו.

sal'vy *a.* (סאַה׳־ווי) עהנליך צו אַ זאַלב, ווי אַ זאַלב.

samar'a *n.* (סע־מער׳־אַ) אַ פּרוכט אָדער זוימען מיט פליגלען [ווי די פּרוכט פון עשען־בוימער, אולמען־בוימער א. ד. ג.].

Samar'itan *a. and n.* (סע־מער׳־אי־טען) וואָס איז שייך צו שומרון [דער צענטראַלער טייל פון פּאַלעסטינאַ, וועלכער ליגט אין צפון־זייט פון יהודה]; וואָס איז שייך צו דער שטאָדט שומרון; וואָס איז בענוגע פון די שומרונים; אַ שומרוני, אַן איינוואוינער פון שומרון [בעזאָנדערס איינער פון דעם פּאָלק וואָס דער קעניג פון אשור האָט בעזעצט אין די שטעדט פון שומרון, נאָכדעם ווי ער האָט פערטריבען פון דאָרט די עשרת השבטים]; די שפּראַך פון די שומרונים; אַ גוטהערציגער אָדער פרייגעביגער מענש.

Samar'itanism *n.* (סע־מער׳־אי־טע־ניזם) די בעהאַלטונג פון די שומרונים, אַז דער אמת׳ער הייליגער באַרג איז דער באַרג גריזים אין שומרון און ניט דער באַרג ציון ווי די אידען האַלטען און זיי, די שומרונים זיינען די אמת׳ע אבהיטער פון תורת משה און ניט די אידען; די איינגענטימליכקייטען פון די שומרונים אָדער פון זייער שפּראַך; צדקה, פילאַנטראָפּיע.

Samave'da *n.* (סאַ־מע־וויי׳־דאַ) איינער פון די פיער הייליגע ביכער [ווערדאַס] אין אינדיען.

sam'bo *n.* (סעמ׳־באָו) איינער וואָס שטאַמט פון אַ נעגער און אַ מולאַט.

same *a.* (סיים) דערזעלביגער, דיזעלבע, דאָסזעלבע; דער נעמליכער.

same'liness *n.* (סיימ'-לי-נעס) ז. *sameness*

same'ness *n.* (סיימ'-נעס) די זעלביג־קייט,די געמליכקייט; פֿאלקאמענע גלייכ־הייט; איינטאניגקייט.

Sa'mian *a. and n.* (סיי'-מי-ען) וואס איז שייך צו דעם אינזעל סאמאס אין עגעאישען ים, אין דער וועסט פון קליין־אזיען; אן איינוואוהנער פון סאמאס.

sam'isen *n.* (סעמ'-אי-סען) אזא יאפא־נעזישע גיטארע מיט דריי סטרונעס.

sam'ite *n.* (סעמ'-איט) א מין זיידען־צייג וואס מען פלעגט טראגען אין מיטעל־אלטער.

sa'movar *n.* (סא'-מא-ווער) א סאמאוואר, א טהעע־מאשין.

Samovar

Samo'yed *n.* (סע-מאי'-יעד) א סאמאיעד [איינער פון דעם וואנדערענדען פאלקס־שטאם וואס געפינט זיך אין ווייטען נארד פון רוסלאנד].

Samoyed'ic *a.* (סעמ-א-יעד'-איק) וואס איז שייך צו די סאמאיעדען. ז. *Samoyed*

samp *n.* (סעמפ) א געריכט פון גראב גע־מאהלענער קוקורוזע; גראב געמאהלענע קוקורוזע.

sam'pan *n.* (סעמ'-פען) א זאמפאנע [אזא קליין כינעזיש שיפעל, וואס ווערט בענוצט אויך אלס וואהנונג].

sam'phire *n.* (סעמ'-פאיר) אזא פלאנצע אין וועסט־אייראפא, וועלכע וואקסט אין די שפאלטען פון פעלזען, וועלכע געפינען זיך ביים ים [די בלעטער פון דיזער פלאנצע ווערען בענוצט צום זייערען פרוכ־טען אדער גרינסען].

sam'ple *n. and v.* (סעמפל) א פראבע, א מוסטער; א ביישפיעל; צופאסען צום מוסטער; אבפראבירען פערגלייכענדיג מיט דעם מוסטער; אויסקלייבען א מוסטער.

sam'ple-card *n.* (סעמ'פל-קארד) א מוסטער־קארטע, א קארטע מיט אויפגע־קלעפטע מוסטערען. ז. *pattern-card*

sam'pler *n.* (סעמ'-פלער) איינער וואס פראבירט אב דורך מוסטערען אדער מא־דעלען; איינער וואס מאכט מוסטערען אדער מאדעלען; א שטריק־מוסטער, א שטיקעריי־מוסטער, א שטיק העקעל־ארבייט אדער שטיקעריי פון אנפאנגער צו בע־ווייזען זיין געשיקטקייט.

sam'ple-room *n.* (סעמ'פל-רוהם) א צי־מער וואו פראבעס אדער מוסטערען ווערען אונטערזוכט אדער אויסגעשטעלט; א שענק־שטוב.

sam'ple-scale *n.* (סעמ'פל-סקייל) א זעהר פינקטליכע באלאנס־וואג.

sam'son *n. and v.* (סעמ'-סאן) א די־קער שטארקער שטעהענדער באלקען; א דיקער שטארקער שטיץ־באלקען אויף א שיף; ריכטען דעם פאל פון אן אונטער־געהאקטען בוים מיט דער הילף פון א שטאנג.

Sam'uel *n.* (סעמ'-יו-על) דער ספר שמואל [פון תנ"ך].

Sam'urai *n.* (סעמ'-או-ראי) דער מילי־טערישער קלאס אדער א מיטגליעדער פון דיזען קלאס [א סאלדאט] אין יאפאן אין דער צייט ווען דארט האט געהערשט דאס פעאדאלע סיסטעם.

sanabil'ity *n.* (סען-ע-ביל'-אי-טי) הייל־בארקייט, קורירבארקייט.

san'able *a.* (סען'-עבל) היילבאר, קו־רירבאר, וואס קען קורירט ווערען אדער געהיילט ווערען.

san'ableness *n.* (סען'-עבל-נעס) ז. *sanability*

san'ative *a.* (סען'-ע-טיוו) היילענד, היילזאם, וואס היילט, וואס קורירט, וואס האט די קראפט צו היילען.

san'ativeness *n.* (סען'-ע-טיוו-נעס) הייל־קראפט, היילזאמקייט.

sanato'rium *n.* (סען-ע-טאו'-רי-אם) א סאניטאריום, א הייל־אנשטאלט.

san'atory *a.* (סען'-ע-טא-רי) היילענד, היילזאם.

sanbeni'to *n.* (סען-בע-ני'-טאו) אזא מאנטעל וואס עס פלעגען טראגען די גע־פאנגענע און די פער'משפט'ע פון דער אינקוויזיציאן.

san'cho *n.* (סען'-קאו) אזא נעגערשע גי־טארע.

sanctifica'tion *n.* (סענק-טי-פי-קיי'-שאן) די היילינגונג, די היילינ־מאכונג, די הייליג־האלטונג; געהייליגטקייט.

sanc'tified *a.* (סענק'-טי-פאיד) געהיי־ליגט; הייליג; פרום.

sanctifi'edly *adv.* (סענק-טי-פאי'-עד-לי) ז. *sanctimoniously*

sanc'tifier *n.* (סענק'-טי-פאי-ער) איי־נער וואס היילינט, איינער וואס מאכט הייליג.

Sanc'tifier *n.* (סענק'-טי-פאי-ער) דער הייליגער גייסט [ביי קריסטען].

sanc'tify *v.* (סענק'-טי-פאי) היילינען, הייליג מאכען; רייניגען פון זינד.

sanc'tifyingly *adv.* (סענק'-טי-פאי-אינג-לי) מאכענדיג הייליג.

sanctimo'nious *a.* (סענק-טי-מאו'-ני-אס) וואס שטעלט זיך ארויס אדער וואס מאכט זיך הייליג אדער פרום.

sanctimo'niously *adv.* (סענק-טי-מאו'-ני-אס-לי) ארויסשטעלענדיג זיך אדער מאכענדיג זיך הייליג אדער פרום.

sanctimo'niousness *n.* (סענק-טי-מאו'-ני-אס-נעס) דאס ארויסשטעלען זיך אלס הייליג אדער פרום.

sanc'timony *n.* (סענק'-טי-מא-ני) גע־מאכטע הייליגקייט אדער פרומקייט, היפא־קריטישע פרומקייט.

sanc'tion *n. and v.* (סענק'-שאן) א סאנקציע, א פייערליכע בעשטעטיגונג, א בעקרעפטיגונג; א הסכמה; א בעפעהל, א געזעץ; בעשטעטיגען, בעקרעפטיגען, מסכים זיין, סאנקציאנירען, גוט־הייסען.

sanc'tionable *a.* (סענק'-שאנ-עבל) וואס איז ווערטה סאנקציאנירט צו ווערען, וואס איז ווערטה צו קריגען א בעשטעטיגונג אדער א הסכמה.

sanc'tionary *a.* (סענק'-שאנ-ע-רי) וואס סאנקציאנירט, וואס בעשטעטיגט.

sanc'titude *n.* (סענק'-טי-טיוד) הייליג־קייט; פרומקייט.

sanc'tity *n.* (סענק'-טי-טי) הייליגקייט; פרומקייט; גאטספארכטיגקייט.

sanc'tuary *n.* (סענק'-טשו-ע-רי) א היי־ליגטום; א הייליגער ארט; א שוהל; א קירך; דער ארט אין א קירך וואו עס שטעהט דער הויפט אלטאר; דער בית־המקדש; דער קדשי קדשים אין בית־המקדש; א צופלוכטס־ארט, א רעטונגס־ארט, אן עיר המקלט; א הייליגער ארט וואו מען טאר ניט ארעסטירען אן אנט־לאפענעם פערברעכער [ווי אמאל ביי אי־דען איז דאס געווען דער בית המקדש און שפעטער ביי די קריסטען, ביז א געוויסער צייט, די קירך].

sanc'tum *n.* (סענק'-טאם) א הייליגער ארט; א פריוואט־צימער.

sanc'tum sancto'rum (סענק'-טאם סענק-טאו'-ראם) דאס אלערהייליגסטע, דער קדשי קדשים; א פריוואט־צימער וואו קיינער ווערט ניט אריינגעלאזען אהן א ספעציעלער ערלויבניס.

Sanc'tus *n.* (סענק'-טאס) די תפלה "קדש, קדש קדש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו" אדער די מוזיק צו דיזער תפלה.

Sanc'tus bell (סענק'-טאס בעל) דער גלאק וואס קלינגט ביי דער אבריכטונג פון א מעסע אין קירך, ווען מען זינגט דיא הייליגע תפילות.

sand *n. and v.* (סענד) 1. זאמד; א זאמדעלע; 2. א זאמד־שטיין; 3. כאראק־טער־פעסטקייט; 4. בעשיטען מיט זאמד; צושיטען זאמד; 5. ארויפטרייבען א שיף אויף א זאמד־באנק.

3. In fighting his opponents, he showed himself full of sand. 5. The captain sanded the wrecked vessel.

san'dal *n.* (סען'-דעל) א סאנדאל, א שוך וואס בעשטעהט בלויז פון א זויל [פאדעשווע] מיט שנירלעך צוצובינדען צום פוס; א טופלע; א שנירעל אדער בענדעל פון א טופליע; א גאנץ פלאכער קאלאש וואס בעשטעהט בלויז פון א זויל מיט א שמאלען ראנד; אזא לאנג און שמאל שיפעל מיט צוויי מאסטען; סאנ־דאל־האלץ [ז. *sandalwood*].



Sandals

san'daled *a.* (סען'-דעלד) ז. *sandalled*

sandal'iform *a.* (סען-דעל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א סאנדאל אדער טופליע. ז. *sandal*

san'dalled *a.* (סען'-דעלד) וואס טראגט סאנדאלען. ז. *sandal*

san'dalwood *n.* (סען'-דעל-הוואוד) סאנדאל־האלץ, דאס ריכענדע האלץ פון די ווארצלען און הארץ פון געוויסע בוי־מער, וועלכע געהערען צו דעם מין סאנ־דאל־בוימער.

san'darac *n.* (סען'-דע-רעק) זאנדאראק [אזא גומי־זאפט וואס קומט פון דער קארע פון דעם זאנדאראק־בוים]; רויטער שוועב־על־ארזעניק [א כעמישע פערבינדונג פון שוועבעל און ארזעניק].

san'darac-tree *n.* (סען'-דע-רעק-טריע) דער זאנדאראק־בוים [א גרויסער בוים וואס וואקסט אויף די בערג אין מאראקא. זיין האלץ איז פון מאהאגאני קאליר, הארט, שטארק און גוט ריכענד].

sand'-bag *n.* (סענד'-בעג) א זאמד־זאק, א זאק אנגעפילט מיט זאמד אדער ערד,

וואס ווערט בענוצט אלס שוץ-מיטעל אין פעסטונגען, אלס באלאסט פאר שיפען אדער לופט-באלאנען און פאר פערשיעדענע אנדערע צוועקען; א לאנג, שמאל זעקעל אנגעפילט מיט זאמד צו שלאגען אדער צו בעטויבען [ביי א רויבער-איבערפאל].

sand'bag *v.* (סענד'-בעג) שלאגען מיט א זאמד-זעקעל, בעטויבען שלאגענדיג מיט א זאמד-זעקעל [ווי ביי א רויבער-איבערפאל].

sand'bagger *n.* (סענד'-בעג-ער) איינער וואס שלאגט מיט א זאמד-זעקעל [הויפטזעכליך א רויבער]; א שיף וואס האט אלס באלאסט זאמד-זעק. ז. ***sand-bag***.

sand'-ball *n.* (סענד'-באהל) א קויגעל-דיגעס שטיק זייף געמישט מיט דינעם זאמד [צום בעזייטיגען שארסטיגקייט און פלעקען פון די הענד].

sand'-bank *n.* (סענד'-בענק) א זאמד-באנק [א בערגעל אנגעטראגענע זאמד אין א טייך אדער אין ים].

sand'-bar *n.* (סענד'-באר) אן אנגעטראגענע קופע זאמד אין מיטען פון א טייך אדער ביי זיין מינדונג [דער ארט וואו ער פאלט אריין אין ים].

sand'-bath *n.* (סענד'-בעטה) א זאמד-באד [א באד פון ווארעמען זאמד וואס ווערט פעראורדענט פאר געוויסע קראנקהייטען]; א כלי מיט הייסען זאמד וואס ווערט בענוצט צו דערהיצען געוויסע ארטיקלען אדער מאטעריאלען; דאס קייקלען זיך אין זאמד ווי געוויסע עופות טהון עס צו רייניגען זייערע פעדערען.

sand'-bear *n.* (סענד'-בעהר) דער בער-חזיר אדער דער אינדישער דאקס [אזא חיה]. ז. ***badger***.

sand'-bed *n.* (סענד'-בעד) דער זאמד-באדען אין אן אייזען-גיסעריי.

sand'-bird *n.* (סענד'-בירד) א פויגעל וואס האלט זיך ביים ברעג פון ים; א שטראנד-לויפער אדער עהנליכער פויגעל. ז. ***sandpiper***.

sand'-blast *n.* (סענד'-בלעסט) א זאמד-שטורם; א זאמד-שפריצער; זאמד וואס ווערט געשפריצט פון א זאמד-שפריצער ביי דער פאבריקאציאן פון גלאז אדער פאר אנדערע צוועקען.

sand'-blind *a.* (סענד'-בלאינד) שוואכזיכטיג, טיילוויז בלינד.

sand'-blind'ness *n.* (סענד'-בלאינד'-נעס) שוואכזיכטיגקייט, א שוואכע ראיה.

sand'-blow'er *n.* (סענד'-בלאו'-ער) א זאמד-בלאזער [אן אפאראט צו בעשפרענקלען עטוואס מיט זאמד].

sand'-box *n.* (סענד'-באקס) א זעמדעל [א קעסטעלע מיט א דעקעל מיט קליינע לעכלעך צו האלטען זאמד צו בעשטרייען פריש געשריבענע פאפיער אבצוטריקענען די טינט]; א קאסטען מיט זאמד אין א לאקאמאטיוו צו בעשיטען די שינעס [רעלסען], אז די רעדער זאלען זיך אויף זיי ניט גליטשען; אזא בוים אויף וועלכען עס וואקסען אזעלכע פרוכט, וועלכע פלאצען מיט א געראויש, ווען זיי ווערען רייף און טרוקען.

sand'-bug *n.* (סענד'-באג) א זאמד-וועספע [אזא אינזעקט וועלכער געפינט זיך אין זאמד].

sand'-club *n.* (סענד'-קלאב) א זאמד-זעקעל [צום שלאגען]. ז. ***sand-bag***.

sand'-corn *n.* (סענד'-קאהרן) א זאמד-קערנדעל.

sand'-crab *n.* (סענד'-קרעב) א זאמד-קראב [אזא ראק אדער קרעבס וואס געפינט זיך אין וואסערען מיט א זאמדיגען גרונט, וואו ער ליעגט איינגעגראבען].

Sand-crab

sand'-crush'er *n.* (סענד'-קראש'-ער) אזא מיהל צו מאהלען און צו וואשען זאמד פאר דער פאבריקאציאן פון גלאז.

sand'ed *a.* (סענד'-עד) בעדעקט אדער בעשפרענקעלט מיט זאמד; פון זאמד-קאליר.

san'derling *n.* (סענ'-דער-לינג) דער דריי-פינגערדיגער זאמד-לויפער [אזא פויגעל וואס האט בלויז דריי פינגער אין א פוס און לעבט אויף די זאמדיגע ברעגען פון ימים]. ז. ***sandpiper***.

san'derswood *n.* (סענ'-דערז-הוואוד) ז. ***sandalwood***.

sand'-flea *n.* (סענד'-פליע) די זאמד-פלוי אדער שטראנד-פלוי [אזא שפרינגענדער אינזעקט וואס געפינט זיך אין זאמד ביים ברעג ים].

sand'-flood *n.* (סענד'-פלאד) א זאמד-שטראם וואס ווערט געטריבען פון ווינד.

sand'-glass *n.* (סענד'-גלעס) א זאמד-אוהר. ז. ***hour-glass***.

sand'-grass *n.* (סענד'-גרעס) זאמד-גראז, שטראנד-גראז [גראז וואס וואקסט אויף א זאמד-באדען אדער אין דעם זאמד ביים ברעג ים].

sand'-grouse *n.* (סענד'-גראוס) א סטעפען-הוהן [אזא פויגעל וואס לעבט אין די זאמד-סטעפעס פון אייראפא].

sand'-heat *n.* (סענד'-היעט) די היץ פון א זאמד-באד.

sand'-hill *n.* (סענד'-היל) א זאמד-בערגעל; א בערגעל בעדעקט מיט זאמד.

sand'-hill'er *n.* (סענד'-היל'-ער) איינער פון דער ראסע וואס לעבט אין די סאסנאווע וועלדער, וועלכע בעדעקען די זאמד-ברעג פון דזשארדזשיא און זיד-קאראלינע אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [מען נעהמט אן אז דיעזע ראסע, וואס האט א זאמד-פארביגע הויט, שטאמט אב פון די ווייסע, וועלכע זיינען אנטלאפען פון שקלאפען-ארבייט און האבען זיך בעהאלטען אין די וועלדער].

san'diness *n.* (סענ'-די-נעס) זאמדיגקייט; דאס אויסזעהן ווי זאמד [וועגען א קאליר].

san'diver *n.* (סענ'-די-ווער) גלאז-שלאקען, פסלת פון געשמאלצענעם גלאז.

sand'-liz'ard *n.* (סענד'-ליז'-ארד) דער זאמד-עקדעש [אן עקדעש אין אייראפא וואס געפינט זיך אין זאמדיגע געגענדען].

sand'man *n.* (סענד'-מען) א פאבעל-האפטע פערזאן וואס מאכט, לויט דעם פאלקס-גלויבען, קינדער שלעפעריג.

sand'-mar'tin *n.* (סענד'-מאר'-טין) די זאמד-שוואלב [אזא שוואלב וואס געפינט זיך ביי זאמדיגע ברעגען].

sand'paper *n. and v.* (סענד'-פעי-פער) זאמד-פאפיער; אבריבען מיט זאמד-פאפיער; אבפאלירען, אבשלייפען, גלאט מאכען.

sand'peep *n.* (סענד'-פיעפ) א קליינער זאמד-לויפער אדער שטראנד-לויפער [אזא קליינער פויגעל וואס געפינט זיך ביי דעם זאמד-ברעג פון ים].

sand'-pig'eon *n.* (סענד'-פידזש'-אן) ז. ***sand-grouse***.

sand'piper *n.* (סענד'-פאי-פער) א זאמד-לויפער אדער שטראנד-לויפער [אזא קליינער פויגעל וועלכער לויפט ארום אויף דעם זאמד-ברעג פון ים].

sand'-pit *n.* (סענד'-פיט) א זאמד-גרוב.

sand'-ridge *n.* (סענד'-רידזש) א זאמד-באנק [אין א טייך אדער אין ים].

sand'runner *n.* (סענד'-ראנ-ער) ז. ***sandpiper***.

sands *n.* (סענדז) זאמד-געגענדען; דער ים-ברעג; מאמענטען, מינוטען, וויילען; לעבענס-צייט.

sand'-screen *n.* (סענד'-סקריען) א זאמד-זיב [א גרויסע דראטענע זיב וואס ווערט בענוצט צום זיבען זאמד].

Sand-screen

sand'-sif'ter *n.* (סענד'-סיפ'-טער) א זיב צו זיבען זאמד; א מאשין צו רייניגען און זיבען זאמד.

sand'-snake *n.* (סענד'-סנייק) די זאמד-שלאנג; די מדבר-שלאנג.

sand'-snipe *n.* (סענד'-סנאיפ) ז. ***sandpiper***.

sand'stone *n.* (סענד'-סטאון) א זאמד-שטיין.

sand'-storm *n.* (סענד'-סטאהרם) א זאמד-שטורם [א שטורם-ווינד וואס טראגט מיט זיך א זאמד-וואלקען].

sand'-trap *n.* (סענד'-טרעפ) א פאר-ריכטונג אבצוטיילען זאמד פון פליסענדען וואסער.

sand'-tube *n.* (סענד'-טיוב) א זאמד-קאנאל.

sand'-whirl *n.* (סענד'-הווירל) א ווירבעל-ווינד וואס דרעהט שטויב און זאמד.

sand'wich *n. and v.* (סענד'-הוויטש) א סאנדוויטש, א צונויפגעלעגטע פוטער-ברויט מיט פלייש, פיש אדער קעז אין מיטען; עטוואס וואס איז עהנליך צו א סאנדוויטש; א פערזאן וואס טראגט צוויי רעקלאמען-טאוולען, איינעם פון פארענט און איינעם פון הינטען; מאכען ווי א סאנדוויטש; עטוואס אריינשטעלען צווישען צוויי אנדערע זאכען.

sand'wich-man *n.* (סענד'-הוויטש-מען) א פערקויפער פון סאנדוויטשעס [ז. ***sandwich***]; א פערזאן וואס טראגט צוויי רעקלאמען-טאוולען, איינעם פון פארענט און איינעם פון הינטען.

sand'-wind *n.* (סענד'-הווינד) א ווינד וואס טראגט מיט זיך זאמד און שטויב.

sand'worm *n.* (סענד'-הוואירם) א זאמד-ווארים [וואס האלט זיך אין זאמד].

sand'wort *n.* (סענד'-הווירט) זאמד-קרויט [אזא נידריגע פלאנצע וואס וואקסט אין זאמד].

san'dy *a.* (סענ'-די) זאמדיג; ווי זאמד;

ניט פעסט, ניט זיכער; טרוקען [ווי זאמד]; פון זאמד־קאליר, געלב־רויט.

San'dy *n.* (סענ'-די) א שאטלענדער.

sane *a.* (סיין) געזונד; ביים זינען; ביים געזונדען פערשטאנד.

sane'ly *adv.* (סיינ'-לי) אין א געזונדען צושטאנד; ביים געזונדען פערשטאנד.

sane'ness *n.* (סיינ'-נעס) געזונדקייט; געזונדער פערשטאנד.

sang (סענג) געזונגען. ז. ***sing***.

sangaree' *n. and v.* (סענ-גע-ריע') רויטער וויין געמישט מיט וואסער, צוקער און געווירצען וואס ווערט געברויכט אלס געטראנק אין די הייסע לענדער; מישען מיט וואסער און פערזיסען [וועגען וויין].

sang'-de-bœuf' *n.* (סאנ'-דע-בעף') אזא טיעף־רויטער קאליר מיט וועלכען די אלטע כינעזישע פארצעליי האט זיך אויסגעצייכענט.

sang-froid' *n.* (סאנ-פרוא') קאלטבלוטיגקייט.

san'giac *n.* (סענ'-דזשעק) ז. ***sanjak***.

sangraal' *n.* (סענ-גרייל') ז. ***sangreal***.

san'greal *n.* (סענ'-גרי-על) דער הייליגער גראל. ז. ***grail***.

sang'-school *n.* (סענג'-סקוהל) א שוהל צום לערנען זינגען.

sang'sue *n.* (סענג'-סיו) א פיאווקע. ז. ***leech***.

sanguic'olous *a.* (סענ-גהוויק'-א-לאס) וואס לעבט אין בלוט [וועגען פאראזיטען].

sanguif'erous *a.* (סענ-גהוויפ'-ער-אס) וואס פיהרט אדער צירקולירט דאס בלוט [ווי די אדערען, בלוט־געפעס א. ז. וו.].

sanguifica'tion *n.* (סענ-גהווי-פי-קיי'-שאן) די בלוט־בילדונג, די בלוט־פראדוצירונג.

san'guifier *n.* (סענ'-גהווי-פאי-ער) א מיטעל וואס פראדוצירט בלוט.

san'guify *v.* (סענ'-גהווי-פאי) פערוואנדלען אין בלוט.

san'guinarily *adv.* (סענ'-גהווי-נע-רי-לי) מיט בלוטדורשטיגקייט; אויף א בלוטדורשטיגען אופן; בלוטיג.

san'guinariness *n.* (סענ'-גהווי-נע-רי-נעס) בלוטדורשטיגקייט, בלוט־גיעריגקייט; בלוטיגקייט.

san'guinary *a. and n.* (סענ'-גהווי-נע-רי) 1. בלוטיג; בלוט־גיעריג, בלוט־דורשטיג; מערדעריש; 2. דאס בלוט־קרויט [אזא רויטע פלאנצע].

1. The fort was captured after a series of **sanguinary** assaults.

san'guine *a. and n.* (סענ'-גהווין) 1. בלוטיג; פולבלוטיג; בלוט־רויט; סאנגוויניש; 2. לוסטיג, פרעהליך, לעבעדיג, לעבהאפט; היציג; 3. האפנונגספול; זיכער אדער איינגעגלויבט אין ערפאלג; 4. בלוט־קאליר, רויטקייט; א צייכנונג געמאכט מיט רויטען קרייד.

2. A **sanguine** temperament is a help to success. 3. I am very **sanguine** about the outcome of my undertaking.

san'guinely *adv.* (סענ'-גהווינ-לי) סאנגוויניש, פרעהליך, לוסטיג, האפנונגספול, מיט פרעהליכע האפנונגען.

san'guineness *n.* (סענ'-גהווינ-נעס) ז. ***sanguinity***.

sanguin'eous *a.* (סענ-גהווינ'-אי-אס) סאנגוויניש, לעבהאפט, היציג; פרעהליך, האפנונגספול, זיכער אדער איינגעגלויבט אין ערפאלג; בלוטיג, בלוט־רויט; וואס האט בלוט, וואס האט א בלוט־צירקולאציאנס־סיסטעם; בלוטרייך, פולבלוטיג.

sanguin'ity *n.* (סענ-גהווינ'-אי-טי) פול־בלוטיגקייט; הייס־בלוטיגקייט, היציגקייט; לעבהאפטיגקייט; זיכערהייט אדער איינגעגלויבטקייט אין ערפאלג.

sanguiniv'orous *a.* (סענ-גהווי-ניוו'-א-ראס) ז. ***sanguivorous***.

sanguin'olence *n.* (סענ-גהוויג'-א-לענס) בלוטיגקייט; דאס זיין פול מיט בלוט.

sanguin'olency *n.* (סענ-גהוויג'-א-לענ-סי) ז. ***sanguinolence***.

sanguin'olent *a.* (סענ-גהווינ'-א-לענט) בלוטיג, בלוטרייך, בלוטפול.

san'guisuge *n.* (סענ'-גהווי-סיודזש) א פיאווקע. ז. ***leech***.

sanguiv'orous *a.* (סענ-גהוויוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט בלוט.

san'hedrim *n.* (סענ'-הי-דרים) ז. ***sanhedrin***.

san'hedrin *n.* (סענ'-הי-דרין) דער סנהדרין [דאס העכסטע געריכט אמאל ביי אידען. דער גרויסער סנהדרין איז בעשטאנען פון 71 מיטגליעדער און דער קליינער סנהדרין פון 23]; א פערזאמלונג וואס איז עהנליך צו דעם סנהדרין; א פארלאמענט.

san'icle *n.* (סענ'-איקל) דער זאניקעל [א מין פלאנצע וועלכע איז אמאל זעהר פיעל געברויכט געווארען אלס א מיטעל צו פערשיעדענע קראנקהייטען].

san'idine *n.* (סענ'-אי-דין) זאנידין [א מין גלאזינער פעלד־שפאט וואס מען געפינט אין לאווא און אין וואולקאנישע פעלזען].

sa'nies *n.* (סיי'-ני-איז) שיטערער אייטער [פלאגמע] פון א וואונד.

sa'nious *a.* (סיי'-ני-אס) אייטעריג, וואס אייטערט, וואס גיט ארויס אייטער; וואס איז שייך אדער עהנליך צו שיטערען אייטער.

sanita'rian *n.* (סענ-אי-טיי'-רי-ען) איינער וואס גיט זיך אב מיט דער אויפפאסונג פון דער פאלקס־געזונדהייט, מיט היגיענישע רעפארמען א. ז. וו.; א קענער פון סאניטארע געזעצען און כללים.

san'itarily *adv.* (סענ'-אי-טע-רי-לי) אין בעצוג צו דער געזונדהייט אדער צו דער אבהיטונג פון געזונד.

san'itarist *n.* (סענ'-אי-טע-ריסט) ז. ***sanitarian***.

sanita'rium *n.* (סענ-אי-טיי'-רי-אם) א סאניטאריום, א הייל־אנשטאלט, א געזונדהייטס־אנשטאלט.

san'itary *a.* (סענ'-אי-טע-רי) סאניטאריש, וואס איז שייך צו דער אבהיטונג פון דעם געזונד; היגיעניש, געזונד.

san'itary board (סענ'-אי-טע-רי באורד) דאס אמט אדער קאלעגיום פאר דער אויפפאסונג פון די געזונדהייטס־צושטענדע.

san'itary condi'tions (סענ'-אי-טע-רי קאנ-דיש'-אנז) סאניטארע צושטענדע, געזונדהייטס־צושטענדע.

san'itary sci'ence (סענ'-אי-טע-רי סאי'-ענס) סאניטארע וויסענשאפט [די וויסענשאפט וואס גיט זיך אב מיט דער אבהיטונג פון דעם געזונד].

sanita'tion *n.* (סענ-אי-טיי'-שאן) דאס האלטען אין א געזונדען צושטאנד, דאס אנווענדען די כללים פון דער וויסענשאפט אבצוהיטען דאס געזונד.

san'ity *n.* (סענ'-אי-טי) געזונדקייט; דאס זיין ביים געזונדען פערשטאנד.

san'jak *n.* (סענ'-דזשעק) א פערוואלטונגס־דיסטריקט אין טערקיי פון צווייטען גראד; א טערקישער דיסטריקט וואס ווערט פערוואלטעט פון א זאנדזשאקבעק [א פאשא פון א נידריגען ראנג].

san'jak-bey *n.* (סענ'-דזשעק-ביי) א זאנדזשאקבעק. ז. ***sanjak***.

sank (סענק) געזונקען. ז. ***sink***.

san'nup *n.* (סענ'-אפ) א פערהייראטער מאן ביי די אינדיאנער אין אמעריקא.

sans *prep.* (סאן) אהן; אויסער, אויסערהאלב.

San'scrit *n. and a.* (סענ'-סקריט) ז. ***Sanskrit***.

sansculotte' *n.* (סאנ-קיו-לאט') א סאנקיולאט, אן עקסטרעמער רעוואלוציאנער אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין יאהר 1789; א רעוואלוציאנערער רעפובליקאנער, א קאמוניסט, א רעוואלוציאנער.

sansculot'terie *n.* (סאנ-קיו-לאט'-רי) ז. ***sansculottism***.

sansculot'tic *a.* (סאנ-קיו-לאט'-איק) רעוואלוציאנער, עקסטרעם רעוואלוציאנער.

sansculot'tide *n.* (סאנ-קיו-לאט'-איד) די פינף [אין אן עבור־יאהר זעקס] טעג, וואס מען האט בעדארפט צוגעבען צו ענדע פון יאהר אין דעם פראנצויזישען רעוואלוציאנערען קאלענדאר [איינגעפיהרט אין 1789], צוליעב דעם וואס מען האט בעשטימט, אז יעדער מאנאט זאל בעשטעהן פון 30 טעג. ז. ***republican calendar***.

sansculot'tism *n.* (סאנ-קיו-לאט'-איזם) סאנקיולאטיזם, די פרינציפען פון די סאנקיולאטען. ז. ***sansculotte***.

sansculot'tist *n.* (סאנ-קיו-לאט'-איסט) א סאנקיולאט [ז. ***sansculotte***]; איינער וואס גלויבט אין די פרינציפען פון די סאנקיולאטען, ניט נעהמענדיג אליין קיין אקטיווען אנטייל אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג.

San'skrit *n. and a.* (סענ'-סקריט) די סאנסקריטישע שפראך [די אלטע הייליגע שפראך אין וועלכער עס זיינען געשריבען די הייליגע ביכער אין אינדיען]; סאנסקריטיש, וואס איז שייך צו דער סאנסקריטישער שפראך.

Sanskrit'ic *a.* (סענ-סקריט'-איק) סאנסקריטיש, וואס קומט פון דער סאנסקריטישער שפראך.

San'skritist *n.* (סענ'-סקריט-איסט) א קענער אין דער סאנסקריטישער שפראך.

sans souci' (סאן סוה-סי') אהן זארג, אהן דאגות.

San'ta Claus (סענ'-טא קלאהס) אין דער קריסטליכער פאלקס־לעגענדע — דער מאן וואס ברייינגט אין ווייהנאכטס־אבענד מתנות צו די קינדער [ער ווערט געוועהנליך פערגעשטעלט אלס א קורצער, דיקער, אלטער מאן מיט א גרויסער בארד און מיט א פריינדליכען געזיכט, וועלכער שלעפט אויף זיך א זאק פול מיט שפיעלציינג].

san'tal *n.* (סענ'-טעל) ז. ***sandalwood***.

san'talin *n.* (סענ'-טע-לין) סאנטאלין, דער רויטער פארב־שטאף וואס ווערט ארויסגעצויגען פון סאנדאל־האלץ.

san'ton *n.* (סענ'-טאן) א מאכמעדאנישער מאנאך אדער היילינער.

santon'ica *n.* (סענ-טאנ'-אי-קא) א סאנטאניקא [ווערים־קרויט פלאנצע]; א מעדיצין וואס ווערט געמאכט פון די בלומען פון דיעזער פלאנצע.

san'tonin *n.* (סענ'-טא-נין) סאנטאנין [אזא ביטערליכער שטאף וואס איז ענטהאלטען אין די בלומען פון א סאנטאניקא אדער אין ווערים-קרויט און וואס ווערט בענוצט אלס א מעדיצין צום אבטרייבען ווערים].

san'tonine *n.* (סענ'-טא-נין) ז. *santonin*.

sap *n. and v.* (סעפ) פלאנצען-זאפט [דער זאפט אדער פליסיגקייט וואס צירקולירט אין פלאנצען ווי דאס בלוט ביי לעבעדיגע בעשעפענישען]; זאפט און קראפט; דער אויסערליכער טייל פון האלץ פון א בוים וואס איז אין בעריהרונג מיט דער קארע; אזא שמאלער גראבען וואס ווערט געמאכט צוצוקומען צו א פעסטונג אדער בעלאגערטען פלאץ; א דומער יונג; א מתמיד, א זעהר פלייסיגער שילער; האנדלען ווי א דומער יונג; זיין א פלייסיגער שילער, פלייסיג חזר'ען; אונטערגראבען, אונטערמינעווען; גראבען א צוגאנג צו א פעסטונג.

sapadil'lo *n.* (סעפ-ע-דיל'-או) ז. *sapodilla*.

sap'ajou *n.* (סעפ'-ע-דזשוה) א מין זיד-אמעריקאנישע אפע אדער אבעזיאנע; א שפינען-אפע [ז. *spider-monkey*].

sapan'-wood *n.* (סע-פענ'-הוואוד) ברוין-האלץ [א פארב-האלץ צו פארבען רויט, וואס ווערט גענומען פון אזא קליינעם בוים אין אסט-אינדיען].

sap'ful *a.* (סעפ'-פול) זאפטיג, פול מיט זאפט.

sap'-green *n.* (סעפ'-גריען) דאס זאפט-גרין [אזא גרינער שטאף וואס ווערט ערהאלטען פון קרייץ-דארן יאגדעס].

sap'head *n.* (סעפ'-העד) א דומער יונג.

sap'-head'ed *a.* (סעפ'-העד'-עד) דום, נאריש.

saphe'na *n.* (סע-פי'-נא) דער פרויען-אדער, דער מוטער-אדער [א זיכטבארער אדער אויף דער אינוועניגסטער זייט פון דער פוס-פאלקע]; א נערוו וואס געהט פון דער קניע ביז צום גראבען פוס-פינגער.

saphe'nous *a. and n.* (סע-פי'-נאס) זיכטבאר, ארויסשטארצענד [ווי אן אדער פון פוס]; וואס איז שייך צו א פוס-אדער אדער צו א פוס-נערוו; א פוס-אדער, א פוס-נערוו.

saphe'nous vein (סע-פי'-נאס וויין) דער פרויען-אדער, דער מוטער-אדער [א זיכטבארער אדער אויף דער אינוועניגסטער זייט פון דער פוס-פאלקע]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

sap'id *a.* (סעפ'-איד) געשמאק; זאפטיג.

sapid'ity *n.* (סע-פיד'-אי-טי) געשמאקקייט.

sap'idness *n.* (סעפ'-איד-נעס) ז. *sapidity*.

sa'pience *n.* (סיי'-פי-ענס) פערנונפט, וויזהייט, קלוגהייט, חכמה; גוטער געשמאק.

sa'piency *n.* (סיי'-פי-ען-סי) ז. *sapience*.

sa'pient *a.* (סיי'-פי-ענט) קלוג, וועלט-קלוג [מייסטענס אין א איראנישען זין].

sapien'tial *a.* (סיי-פי-ענ'-שעל) וואס בעזיצט קלוגהייט; וואס איז שייך צו קלוגהייט.

sa'piently *adv.* (סיי'-פי-ענט-לי) אויף א קלוגער ארט; מיט חכמה.

sap'less *a.* (סעפ'-לעס) אהן זאפט; טרוקען; פערוועלקט; קראפטלאז.

sap'ling *n.* (סעפ'-לינג) א יונג ביימעלע; א יונגע פערזאן; א יונגער יאגד-הונד.

sapodil'la *n.* (סעפ-א-דיל'-א) די זאפאטע [אזא גרויסער אימער-גרינער בוים וואס וואקסט אין דיא הייסע געגענדען פון אמעריקא]; די זאפאטע-פלוים [די פרוכט פון דעם זאפאטע-בוים].

sapodil'la-plum *n.* (סעפ-א-דיל'-א-פלאם) די זאפאטע-פלוים [די פרוכט פון דער זאפאטע]. ז. *sapodilla*.

sapona'ceous *a.* (סעפ-א-ניי'-שיאס) זייפיג, זייפען-ארטיג, ווי זייף.

saponac'ity *n.* (סעפ-א-נעס'-אי-טי) זייפיגקייט; דאס זיין ווי זייף.

saponifica'tion *n.* (סע-פאנ-אי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין זייף [וועגען פעט-שטאפען ווען זיי ווערען פערבונדען מיט אלקאלי].

sapon'ify *v.* (סע-פאנ'-אי-פאי) פערוואנדלען אין זייף.

sap'onite *n.* (סעפ'-א-נאיט) דער זייפען-שטיין [א מין ווייכע זייפיגע מאסע וואס געפינט זיך אין די שפאלטען פון פעלזען].

sa'por *n.* (סיי'-פאר) דער געשמאק.

saporif'ic *a.* (סעפ-א-ריפ'-איק) וואס גיט א געשמאק.

saporos'ity *n.* (סעפ-א-ראס'-אי-טי) געשמאקקייט.

sap'orous *a.* (סעפ'-א-ראס) געשמאק, שמאקהאפט.

sappan'-wood *n.* (סעפ-ענ'-הוואוד) ז. *sapan-wood*.

sap'per *n.* (סעפ'-ער) א סאפיאר [א סאלדאט וואס איז בעשעפטיגט ביים גראבען און בויען פעסטונגס-ווערק און ביי עהנליכער ארבייט]; אזא דלאט וואס ווערט בענוצט אין זעג-מאשינען צו מאכען רונד דעם קלאץ וואס מען דארף זעגען.

Sap'phic *a. and n.* (סעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער בעריהמטער גריכישער דיכטערין סאפא; א סאפישער פערז [א פאעטישער פערז, ווי די דיכטערין סאפא האט געשריבען].

sap'phire *n. and a.* (סעפ'-איר) א סאפיר-שטיין; דער קאליר פון א סאפיר-שטיין [בלוי]; וואס האט א קאליר פון א סאפיר-שטיין. ז. איל. *"Gems"*

sap'phirine *a. and n.* (סעפ'-אי-רין) וואס האט דעם קאליר פון א סאפיר-שטיין; געמאכט פון סאפיר-שטיין; אזא בלאס-בלויער אדער גרינליכער מינעראל וואס געפינט זיך אין גרענלאנד.

sap'phism *n.* (סעפ'-איזם) אוננאטירליכער געשלעכטליכער פערקעהר צווישען א פרוי מיט א פרוי.

sap'piness *n.* (סעפ'-אי-נעס) זאפטיגקייט; דומהייט, נארישקייט.

sap'py *a.* (סעפ'-אי) זאפטיג; נאריש, דום.

sap'-rot *n.* (סעפ'-ראט) א מין שוועמלעך אדער בעטקעס, וואס וואקסען אן אויף ביימער, ווען זיי הויבען אן צו פוילען; אינערליכע צופוילטקייט. ז. *dry-rot*.

sap'sago *n.* (סעפ'-סיי-גאו) אזא זארט הארטער קעז מיט א גרינליכען קאליר, וואס ווערט געמאכט אין דער שווייץ.

sap'sucker *n.* (סעפ'-סאק-ער) א קליינער האלץ-פיקער [אזא פויגעל].

sap'-wood *n.* (סעפ'-הוואוד) דער אויבערשטער האלץ-שיכט פון א בוים וואס איז אין בעריהרונג מיט דער קארע.

saque *n.* (סעק) אזא ברייטעס פרויען-קלייד; א מארגען-קלייד, א שלאף-ראק.

sar'aband *n.* (סער'-ע-בענד) די סאראבאנדע [אזא שפאנישער טאנץ]; די מוזיק פאר דער סאראבאנדע.

sar'abande *n.* (סער'-ע-בענד) ז. *saraband*.

Sar'acen *n.* (סער'-ע-סען) א סאראצין, אן אראבער; א מאכמעדאנער.

Saracen'ic ar'chitecture (סער-ע-סענ'-איק אר'-קי-טעק-טשור) סאראצינישע ארכיטעקטור [די פערשיעדענע פארמען פון דעם מורישען אדער אראבישען בוי-סטיל]. ז. *Moorish art*.

saracen'icum *n.* (סער-ע-סענ'-אי-קאם) ז. *sarcenet*.

Sar'acenism *n.* (סער'-ע-סענ-איזם) מאכמעדאניזם, די מאכמעדאנישע רעליגיאן.

sar'asin *n.* (סער'-ע-סין) ז. *sarrasin*.

sar'casm *n.* (סאר'-קעזם) סארקאזם, בייסענדער, בייזער אדער פעראכטענדער שפאט, ביטערע איראניע.

sarcas'tic *a.* (סאר-קעס'-טיק) סארקאסטיש, בייסענד שפאטיש, פעראכטענד שפאטיש, בייז שפאטיש, ביטער איראניש.

sarcas'tical *a.* (סאר-קעס'-טי-קעל) ז. *sarcastic*.

sarcas'tically *adv.* (סאר-קעס'-טי-קעל-אי) מיט סארקאזם, מיט בייסענדען, בייזען אדער פעראכטענדען שפאט, מיט ביטערער איראניע.

sar'cel *n.* (סאר'-סעל) דער אויסערליכער טייל פון א פאלק'ס פליגעל; א פעדער פון דעם אויסערליכען טייל פון א פאלק'ס פליגעל.

sarcelle' *n.* (סאר-סעל') די קריקענטע [אזא קאטשקע אדער ענטעל].

sarce'net *n.* (סארס'-נעט) סארסענעט [א מין דינע זייד, וואס ווערט געברויכט אלס אונטערשלאג].

sarci'tis *n.* (סאר-סאי'-טיס) ענטצינדונג פון די מוסקולען. ז. *myositis*.

sar'cocarp *n.* (סאר'-קא-קארפ) דאס פרוכט-פלייש, דער עסבארער אדער פליישיגער טייל פון א פרוכט [ווי פון א פלוים, בארנע, עפעל א. ז. וו.].

sar'cocol *n.* (סאר'-קא-קאל) אזא פערזישע אדער אראבישע גומי.

sarcocol'la *n.* (סאר-קא-קאל'-א) א מין פערזישע אדער אראבישע גומי; אזא גומי-קוסט.

sarcocol'lin *n.* (סאר-קא-קאל'-אין) ז. *sarcocol*.

sarcog'nomy *n.* (סאר-קאג'-נא-מי) א שטודיום וועגען דער שייכות צווישען דעם גייסט און קערפער אין זייער ענטוויקלונג.

sar'coid *a. and n.* (סאר'-קאיד) פלייש-ארטיג, פליישיג; א פלייש-ארטיג טיילכעל פון א שוואם.

sar'colite *n.* (סאר'-קא-לאיט) סארקאליט [א מין רויטליכער מינעראל].

sarcolog'ic *a.* (סאר-קא-לאדזש'-איק) סארקאלאגיש, וואס איז שייך צו סארקאלאגיע [דער טייל פון אנאטאמיע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ווייכע טיילען פון דעם ארגאניזם].

sarcolog'ical *a.* (סאר-קא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *sarcologic*.

sarcol'ogist *n.* (סאר-קאל'-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט סארקאלאגיע [דער טייל פון אנאטאמיע, וואס

בעשעפטיגט זיך מיט די ווייכע טיילען פון קערפער].

sarcol'ogy *n.* (סאר-קאל'-א-דזשי) סארקאלאגיע [דער טייל פון אנאטאמיע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ווייכע טיילען פון קערפער].

sarco'ma *n.* (סאר-קאו'-מא) א פליישיגער דיסק [ביי פלאנצען]: סארקאמא [א פלייש=אנוואוקס אויף'ן קערפער].

sarcomato'sis *n.* (סאר-קאו-מע-טאו'-סיס) די ענטוויקלונג פון א סארקאמא [א קראנקהאפטער פלייש אנוואוקס אויף'ן קערפער].

sarcom'atous *a.* (סאר-קאמ'-ע-טאס) וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו סארקאמא. ז. *sarcoma*

sarcoph'agal *a.* (סאר-קאפ'-ע-געל) פלייש=פרעסענד.

sarcoph'agan *n.* (סאר-קאפ'-ע-גען) א פלייש=פרעסענדעס בייטעל=טהיער. ז. *Marsupialia*

sarcoph'age *n.* (סאר-קאפ'-איידזש) ז. *sarcophagus*

sarcoph'agous *a.* (סאר-קאפ'-ע-גאס) פלייש=עסענד; וואס ערנעהרט זיך מיט פלייש.

sarcoph'agus *n.* (סאר-קאפ'-ע-גאס) א סארקאפאג [א שטיינערנע טרונע, הויפטזעכליך אזעלכע וואס איז בעדעקט מיט ארנאמענטען און אויפשריפטען]; אזא שטיין, פון וועלכען די פארצייטיגע גריכען האבען געמאכט טרונעס].



Sarcophagus

sarcoph'agy *n.* (סאר-קאפ'-ע-דזשי) פלייש=פרעסעריי; דאס ערנעהרען זיך מיט פלייש.

sar'cophile *n.* (סאר'-קא-פיל) א פלייש=פרעסענדע חיה.

sarcoph'ilous *a.* (סאר-קאפ'-אי-לאס) ז. *sarcophagous*

sarco'sis *n.* (סאר-קאו'-סיס) אויסבילדונג פון פלייש; א פלייש=אנוואוקס, א פלייש=געשווילעכץ.

sarcot'ic *a. and n.* (סאר-קאט'-איק) וואס איז שייך צו א פלייש=אנוואוקס אדער פלייש=געשווילעכץ; וואס פעראורזאכט דעם וואוקס פון פלייש, וואס פראדוצירט פלייש; א מעדיצינישער מיטעל ארויסצורופען דעם וואוקס פון פלייש.

sar'cous *a.* (סאר'-קאס) פליישיג [הויפטזעכליך וועגען דעם מוסקול=געוועב].

sarcula'tion *n.* (סאר-קיו-ליי'-שאן) דאס פאלען, דאס יעטען [דאס ארויסרייסען די אוננויטיגע געוויקסע].

sard *n.* (סארד) דער סארד, דער בלוט=רויטער קארנעאל [א מין עדעלשטיין פון פלייש=קאליר]. ז. *carnelian*

sar'dachate *n.* (סאר'-דע-קייט) א סארדאכאט, דער בלאס=רויטער אגאט, אגאט מיט שיכטען פון דעם סארד אדער בלוט=רויטען קארנעאל [א מין עדעלשטיין פון פלייש=קאליר].

sar'del *n.* (סאר'-דעל) א סארדעל, א סארדינקע; א מין סארדין=עהנליכער קליינער הערינג.

sar'delle *n.* (סאר'-דעל) ז. *sardel*

sardine' *n.* (סאר-דין') א סארדעל, א סארדינקע [א קליין פישעל, וואס ווערט געוועהנליך קאנזערווירט אין אויל]; אן אונוויכטיגע אדער פערעכטליכע פערזאן.



Sardine

sar'dine *n.* (סאר'-דין) דער סארד אדער בלוט=רויטער קארנעאל. ז. *sard*

sardine'-tongs *n.* (סאר-דינ'-טאהנגז) א סארדין=צווייגעל [ארויסצונעהמען גאנצערהייד קאנזערווירטע סארדעלען פון א קעסטעלע].

sar'dius *n.* (סאר'-די-אס) ז. *sard*

sar'doin *n.* (סאר'-דאין) ז. *sard*

sardo'nian *a.* (סאר-דאו'-ני-ען) ז. *sardonic*

sardon'ic *a.* (סאר-דאנ'-איק) סארדאניש, קראמפהאפט, געצוואונגען; ביטער איראניש, סארקאסטיש, שפאטיש, גיפטיג, בייז [וועגען א געלעכטער, א שמייכעל, א געזיכטס=אויסדרוק אדער שטימונג].

sardon'ically *adv.* (סאר-דאנ'-אי-קעל-אי) סארדאניש, קראמפהאפט, געצוואונגען, מיט ביטערער איראניע, שפאטענד, גיפטיג, בייז.

sardon'ic grin (סאר-דאנ'-איק גרין) ז. *sardonic smile*

sardon'ic laugh (סאר-דאנ'-איק לאהף) ז. *sordonic smile*

sardon'ic smile (סאר-דאנ'-איק סמאיל) א סארדאנישער שמייכעל [א בייז=שפאטישער שמייכעל; ספאזמען אין די געזיכטס=מוסקולען, וועלכע גיבען צו דעם געזיכט דעם אויסדרוק פון א שמייכעל].

sar'donyx *n.* (סאר'-דא-ניקס) א סארדאניקס [א מין טייערער שטיין, א מין כאלצעדאן אדער אגאט, וועלכער בעשטעהט פון אייניגע רויטע און ברוינע שיכטען געמישט מיט ווייס].

sargas'so *n.* (סאר-געס'-או) גאלף=גראז [אזא ים=פלאנצע]. ז. *gulfweed*

sargas'sum *n.* (סאר-געס'-אם) ז. *sargasso*

sark *n.* (סארק) א העמד.

sar'lak *n.* (סאר'-לעק) דער גרונץ=אקס, דער יאק [אזא אקס]. ז. *yak*

sar'lyk *n.* (סאר'-ליק) ז. *sarlak*

sar'ment *n.* (סאר'-מענט) ז. *sarmentum*

sarmen'ta *n.* (סאר-מענ'-טא) אויסלויפערס, ווארצעל=ראנקען. ז. *sarmentum*

sarmenta'ceous *a.* (סאר-מענ-טיי'-שיאס) ז. *sarmentose*

sarmen'tose *a.* (סאר-מענ'-טאוס) וואס בעשטעהט פון אויסלויפערס אדער ווארצעל=ראנקען [א שטענגעל, אויף וועלכען די בלעטלעך קומען ארויס אין בעשטימטע אינטערוואלען אדער א ווארצעל, פון וועלכען עס וואקסען ארויס אנדערע ווארצלען אין בעשטימטע אינטערוואלען]. ז. *sarmentum*

sarmen'tous *a.* (סאר-מענ'-טאס) ז. *sarmentose*

sarmen'tum *n.* (סאר-מענ'-טאם) אן אויסלויפער, א ווארצעל=ראנקע [א שטענגעל, אויף וועלכען די בלעטלעך קומען ארויס אין בעשטימטע אינטערוואלען אדער א ווארצעל, פון וועלכען עס וואקסען ארויס אין בעשטימטע אינטערוואלען אנדערע ווארצלען].



Sarmentum

sarn *n.* (סארן) שטיין=פלאסטער, ברוק.

sar'plar *n.* (סאר'-פלאר) א פאק אדער זאק וואל [2240 פונט]; פאק=לייווענד.

sar'pler *n.* (סאר'-פלער) ז. *sarplar*

sar'rasin *n.* (סער'-ע-סין) א פאל=גראטע, א פאל=טויער. ז. *portcullis*

sar'rasine *n.* (סער'-ע-סין) ז. *sarrasin*

sar'razin *n.* (סאר'-ע-זין) בוך=ווייץ, רעטשקע, גריקע. ז. *buckwheat*

sarsaparil'la *n.* (סאר-סע-פע-ריל'-א) סאסאפארילע [אזא פלאנצע מיט שמעקענדע ווארצלען, וועלכע ווערען געברויכט אין מעדיצין]; א מעדיצינישער פרעפאראט פון סאסאפארילע=ווארצעל.

Sarsaparilla

sarse'net *n.* (סארס'-נעט) ז. *sarcenet*

sart *n.* (סארט) א שטיקעל וואלד=לאנד פערוואנדעלט אין אקער=לאנד.

sart'age *n.* (סארט'-איידזש) דאס אברייניגען לאנד פון וואלד [ווי דורך פייער], אום עס צו פערוואנדלען אין אקער=לאנד.

sarticruræ'us *n.* (סאר-טי-קרו-ריע'-אס) דער שניידער=מוסקול. ז. *sartorius*

sar'tor *n.* (סאר'-טאר) א שניידער; א לאטוטניק.

sarto'rial *a.* (סאר-טאו'-רי-על) שניידעריש, וואס איז שייך צו א שניידער אדער צו שניידעריי.

sarto'rial art (סאר-טאו'-רי-על ארט) די שניידער=קונסט.

sarto'rii *n.* (סאר-טאו'-רי-אי) שניידער=מוסקולען. ז. *sartorius*

sarto'rius *n.* (סאר-טאו'-רי-אס) דער שניידער=מוסקול [דער לענגסטער מוסקול אין מענשליכען קערפער וואס געהט דורך די פאלקע].

sash *n. and v.* (סעש) א שארף, א גארטעל, א פאס; א פענסטער=ראהם; א שויבען=ראהם; די הילצערנע איינפאסונג פון א זעג, וואס לאזט זי זיך ניט בויגען; אריינשטעלען שויבען=ראהמען; אנטהאן א שארף אדער פאס.

sash'-bar *n.* (סעש'-באר) דאס קווערהאלץ פון א פענסטער=ראהם.

sash'-door *n.* (סעש'-דאור) א טהיר מיט שויבען.

sash'-frame *n.* (סעש׳-פריים) די ראַהם, אויף וועלכער עס הענגט א פענסטער־ראַהם.

sash'-line *n.* (סעש׳-לאין) א פענסטער־שטריק [א שטריק, אויף וועלכען עס האַלט זיך א פענסטער־ראַהם].

sash'-saw *n.* (סעש׳-סאָה) א שליעס־זעג, אַן אייגגעפּאַסטע זעג; א קליינע זעג צום אויסשניידען א שויבען־ראַהם.

sash'-tool *n.* (סעש׳-טוהל) אַזא קליינע פאַרב־בארשט.

sash'-win'dow *n.* (סעש׳-הווינ׳-דאָו) א פענסטער וואָס מען קען עפענען.

sa'sine *n.* (סיי׳-סין) דאָס איבערגעבען אין געזעצליכען בעזיץ גרונד־אייגענטום; דער דאָקומענט וועגען איבערגעבען גרונד־אייגענטום אין געזעצליכען בעזיץ.

sass *n. and v.* (סעס) סאָוס, זופּ; גריני־סען, זופּ־גרינסען; חוצפּה, פרעכהייט; ריידען אָדער ענטפערען מיט פרעכהייט.

sas'saby *n.* (סעס׳-ע-בי) אַזא גרויסער אַפריקאַנישער אַנטילאָפּ.

sas'safras *n.* (סעס׳-ע-פרעס) דער סאַסאַ־פראַס [א נאָרד־אַמעריקאַנישער בוים, וואָס דערגרייכט אַפט א הויך פון 45 פוס. די שמעקענדע ווארצלען פון דעם סאַסאַפראַס גיבען אַרויס אַן אויל און ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Sas'senach *n.* (סעס׳-ע-נעך) אַן ענגלע־זאַקס, אַן ענגלענדער.

sas'solin *n.* (סעס׳-א-לין) נאַטירליכע באָר־זויערע. ז. ***boracic acid***

sas'soline *n.* (סעס׳-א-לין) ז. ***sassolin***

sas'solite *n.* (סעס׳-א-לאיט) ז. ***sassolin***

sas'sorol *n.* (סעס׳-א-ראָל) ז. ***rock-pigeon***

sassorol'la *n.* (סעס-א-ראָל׳-א) ז. ***rock-pigeon***

sas'tra *n.* (סאַס׳-טרא) ז. ***shaster***

Sat. אַבקירצונג פון ***Saturday***

sat (סעט) ז. ***sit*** געזעסען. (סעט)
They sat down to talk over the situation.

Sa'tan *n.* (סיי׳-טען) דער טייוועל, דער שטן.

satan'ic *a.* (סע-טענ׳-איק) טייוועלש; וואָס איז שייך צום שטן אָדער טייוועל.

satan'ical *a.* (סע-טענ׳-אי-קעל) ז. ***satanic***

satan'ically *adv.* (סע-טענ׳-אי-קעל-אי) טייוועלש; מעשה שטן.

satan'icalness *n.* (סע-טענ׳-אי-קעל-נעס) טייוועלדיגקייט, דאָס זיין טייוועלש.

satan'ic school (סע-טענ׳-איק סקוהל) די טייוועלשע שוהל [אַזוי האָבען די גע־נער אָנגערופען די ליטעראַרישע ריכטונג, וועלכע איז געווען פערטראָטען פון ביירא, שעלי און אַנדערע].

sa'tanism *n.* (סיי׳-טען-איזם) טייוועל־דיגקייט, טייוועלשע נייגונגען, א טייוועל־שער כאַראַקטער, א טייוועלשער אויפטהו.

sa'tanist *n.* (סיי׳-טען-איסט) אַן אנ־העננער פון שטן; א טייוועל, א שלעכטער, פערדאָרבענער מענש.

satch'el *n.* (סעטש׳-על) א רענצעל, א האַנד־רענצעל, א ביכער־רענצעל, א סאַק־וואַיאַזש.

sate *v.* (סייט) זעטיגען, זאַט מאַכען; איבערזעטיגען; איבערפילען.

sateen' *n.* (סע-טין׳) סאַטין [א גלאַנ־ציגע קליידער־וואַרע ענליך צו אַטלאַס].

sate'less *a.* (סייט׳-לעס) אונערזעטליך, וואָס קען זיך ניט אָנזעטיגען; וואָס קען זיך ניט בעפרידיגען.

sat'ellite *n.* (סעט׳-ע-לאיט) א לייב־וועכטער; א בעגלייטער; א נעבען־פּלאַנעט [א קלענערער פּלאַנעט וואָס דרעהט זיך אַרום א גרעסערען].

sat'ellite-sphinx *n.* (סעט׳-ע-לאיט-ספינקס) אַזא גרויסער, שעהנער אַבענד־שמעטערלינג.

sat'ellite-vein *n.* (סעט׳-ע-לאיט-וויין) אַן אָדער, וואָס געהט צוזאַמען מיט אַן אַרטעריע.

satelli'tium *n.* (סעט-ע-ליש׳-אי-אַם) בעגלייטונג; וואַך.

satiabil'ity *n.* (סיי-שיע-ביל׳-אי-טי) דאָס קענען אָנגעזעטיגט ווערען; בעפרי־דיגקייט.

sa'tiable *a.* (סיי׳-שיעבל) וואָס קען גע־זעטיגט ווערען; וואָס קען בעפרידיגט ווע־רען.

sa'tiate *v. and a.* (סיי׳-שי-אייט) זעטי־גען; איבערזעטיגען; איבערפילען; בע־פרידיגען; אָנגעזעטיגט; איבערגעזעטיגט, איבערפילט.

satia'tion *n.* (סיי-שי-איי׳-שאַן) אָנזע־טיגונג, אָנגעזעטיגטקייט.

sati'ety *n.* (סע-טאַי׳-ע-טי) איבערזעט־טיגטקייט.

sat'in *n., a. and v.* (סעט׳-אין) אַטלאַס; געמאַכט פון אַטלאַס; ענליך צו אַטלאַס; מאַכען ענליך צו אַטלאַס, מאַכען גלאַט און גלאַנציג.

sat'in-cloth *n.* (סעט׳-אין-קלאָהטה) וואָלען־אַטלאַס [אַזא דינער, גלאַטער, גלאַנ־ציגער וואָלען־שטאָף].

sat'in-dam'ask *n.* (סעט׳-אין-דעמ׳-עסק) אַזא זיידען־שטאָף מיט א געבלימ־טען מוסטער.

satine' *n.* (סע-טין׳) ז. ***sateen***

satinet' *n.* (סעט-אי-נעט׳) האַלב וואָלען־אַטלאַס [אַזא דינער אַטלאַס־ענליכער שטאָף געוועבט פון וואָל און באַוועל].

sat'in-flow'er *n.* (סעט׳-אין-פלאַו׳-ער) דאָס זילבער־בלאַט [אַזא פלאַנצע מיט פורפור־בלומען].

sat'in-foulard' *n.* (סעט׳-אין-פוה-לאַרד׳) אַזא אַטלאַס־ענליכער זיידענער שטאָף.

sat'ining *n.* (סעט׳-אין-אינג) דאָס מאַ־כען זילבער ענליך צו אַטלאַס.

sat'ining-machine' *n.* (סעט׳-אין-אינג-מע-שין׳) א מאַשין צו מאַכען פּאַ־פּיער ענליך צו אַטלאַס [גלאַט און גלאַנ־ציג].

sat'in-lisse *n.* (סעט׳-אין-ליעס) אַזא אַטלאַס־ענליכער באַוועלנער שטאָף מיט קליינע דעליקאַטע אויזערען [מוסטערען].

sat'in-pa'per *n.* (סעט׳-אין-פּיי׳-פּער) אַטלאַס־פּאַפּיער [אַזא גלאַט און גלאַנציג פּאַפּיער].

sat'in-spar *n.* (סעט׳-אין-ספּאַר) אַזא קאַלציט [א מין קאַלך־שטיין] אָדער גיפּס וואָס ווערט גלאַנציג ביים פּאָלירען.

sat'in-spar'row *n.* (סעט׳-אין-ספּער׳-או) דער אויסטראַלישער אָדער טאַסמאַני־שער פליענען־כאַפּער [אַזא פויגעל]. ז. ***flycatcher***

sat'in-stitch *n.* (סעט׳-אין-סטיטש) אַין שטיקעריי — א בלאַנק־שטאָך.

sat'in-stone *n.* (סעט׳-אין-סטאָון) ז. ***satin-spar***

sat'inwood *n.* (סעט׳-אין-הוואוד) אַט־לאַס־האָלץ [אַזא גלאַנציג האָלץ וואָס ווערט געברויכט פאַר טייערען מעבעל]; דער אַטלאַס־האָלץ בוים.

sat'iny *a.* (סעט׳-אי-ני) ענליך צו אַטלאַס; גלאַנציג [ווי אַטלאַס].

sat'ire *n.* (סעט׳-איר) סאַטירע [שפּאָט איבער עטוואָס וואָס ווערט בעטראַכט אַלס שלעכט, פערדאָרבען אָדער מיאוס]; שפּאָט, סאַרקאַזם, בייסענדער הומאָר.

satir'ic *a.* (סע-טיר׳-איק) סאַטיריש, אָבשפּאָטענד פון עפּעס וואָס ווערט בע־טראַכט אַלס נאַריש, שלעכט, פערדאָרבען אָדער מיאוס; שפּאָטיש; סאַרקאַסטיש, ביי־סענד.

satir'ical *a.* (סע-טיר׳-אי-קעל) ז. ***satiric***

satir'ically *adv.* (סע-טיר׳-אי-קעל-אי) מיט סאַטירע, אָבשפּאָטענד פון עטוואָס וואָס איז, לויט דעם אָבשפּאָטער׳ס מיי־נונג, פערדאָרבען, שלעכט, נאַריש אָדער מיאוס; שפּאָטענד, סאַרקאַסטיש, מיט ביי־סענדען הומאָר.

satir'icalness *n.* (סע-טיר׳-אי-קעל-נעס) דאָס זיין סאַטיריש, דאָס אָבשפּאָטען פון עטוואָס וואָס איז, לויט דעם אָבשפּאָטער׳ס מיינונג, שלעכט פערדאָרבען, נאַריש אָדער מיאוס; דאָס שפּאָטען, דאָס זיין סאַרקאַס־טיש אָדער בייסענד.

sat'irise *v.* (סעט׳-אי-ראַיז) ז. ***satirize***

sat'irist *n.* (סעט׳-אי-ריסט) א סאַטירי־קער, א שרייבער פון סאַטירען [בייסענ־דער שפּאָט אויף עפּעס וואָס ווערט בע־טראַכט אַלס נאַריש, שלעכט, פערדאָרבען אָדער מיאוס].

sat'irize *v.* (סעט׳-אי-ראַיז) אָנגרייפען מיט סאַטירע, אויסשטעלען צו שאַנדע דורך שפּאָט, בייסענד אָבשפּאָטען פון עטוואָס וואָס ווערט בעטראַכט אַלס נאַריש, מיאוס, שלעכט אָדער פערדאָרבען.

sat'irizer *n.* (סעט׳-אי-ראַי-זער) ז. ***satirist***

satisfac'tion *n.* (סעט-איס-פעק׳-שאַן) בעפרידיגונג, צופרידענשטעלונג, פערגיטי־גונג; אויסקויפונג [פון א זינד]; צו־פרידענהייט; קוויטירונג אָדער דעקונג פון א חוב.

satisfac'torily *adv.* (סעט-איס-פעק׳-טאַ-רי-לי) אויף א בעפרידיגענדען אָדער צופרידענשטעלענדען אופן.

satisfac'toriness *n.* (סעט-איס-פעק׳-טאַ-רי-נעס) דאָס זיין בעפרידיגענד אָדער צופרידענשטעלענד; בעפרידיגונג.

satisfac'tory *a.* (סעט-איס-פעק׳-טאַ-רי) בעפרידיגענד; צופרידענשטעלענד; פערגיטיגענד, אויסקויפענד א זינד.

satisfac'tory ev'idence (סעט-איס-פעק׳-טאַ-רי עוו׳-אי-דענס) גענוגענדע בע־ווייזע.

sat'isfiable *a.* (סעט-איס-פאַי-עבל) וואָס קען בעפרידיגט ווערען, וואָס מען קען צופרידענשטעלען.

sat'isfier *n.* (סעט׳-איס-פאַי-ער) איינער אָדער עטוואָס וואָס בעפרידיגט אָדער שטעלט צופרידען.

sat'isfy *v.* (סעט׳-איס-פאַי) בעפרידיגען, צופרידענשטעלען; פערגיטיגען; בעצאָה־לען, ליקווידירען א חוב; פערזיכערען, בעזייטיגען א צווייפעל, איבערצייגען.

sat'isfying *a.* (סעט׳-איס-פאַי-אינג)
1. בעפרידיגענד, צופרידענשטעלענד;
2. וואָס פערטרייבט יעדען צווייפעל.
2. His face has a satisfying appearance.

sat'isfyingly *adv.* (סעט׳-איס-פאַי-אינג-לי) ז. ***satisfactorily***

sa'tive *a.* (סיי׳-טיוו) פער־פּערזייהט, פלאַנצט.

sat'rap *n.* (סעט׳-רעפּ) א סאַטראַפּ, א וויצע־קעניג אין איינער פון די פּראָווינ־צען פון דער אַלט־פּערסישער מלוכה; א גובערנאַטאָר אָדער אַנדער נאַטשאַלניק

אונטער א דעספאטישען הערשער, וואס האלט זיך אין זיין פראווינץ אדער בע־צירק ווי א דעספאטישער זעלבסטהערשער.

sat'rapal *a.* (סעט־רעפ־על) וואס איז שייך צו א סאטראפ אדער צו זיין פראווינץ. ז. *satrap*.

satrap'ical *a.* (סעט־רעפ'־אי־קעל) ז. *satrapal*.

sat'rapy *n.* (סעט'־רעפ־אי) א סאטראפיע, די פראווינץ אדער יוריסדיקציאן פון א סאטראפ. ז. *satrap*.

satteen' *n.* (סע־טיען') ז. *sateen*.

sat'urable *a.* (סעטש'־יו־רעבל) וואס קען אנגעזעטיגט אדער אנגעזאפט ווערען.

sat'urant *a.* (סעטש'־יו־רענט) וואס זאפט אן, וואס זעטיגט אן.

sat'urate *v. and a.* (סעטש'־יו־רייט) אנזעטיגען, אנפילען; אנזאפען [ווי א שוואם מיט וואסער]; אין כעמיע — זע־טיגען, אריינגנעהמען אדער אריינזויגען אין זיך אזוי פיעל דאס מעהר קען ניט אריין; אנגעזאפט, אנגעזעטיגט; ריין מאכען [א קאליר] פון וויים [ז. *saturation of colors*].

sat'urater *n.* (סעטש'־יו־ריי־טער) איי־נער אדער עפעס וואס פילט אן אדער זעטיגט אן; א פאררריכטונג, דורך וועלכער די לופט אין אן איינגעשלאסענעם ארט ווערט אנגעזאפט מיט וואסער־דאמפף.

satura'tion *n.* (סעטש־יו־ריי'־שאן) די אנזעטיגונג; די אנזאפונג.

satura'tion of col'ors (סעטש־יו־ריי'־שאן אוו קאל'־ארז) אין אפטיק — דער גראד אויף וויפיעל א געוויסע פארב ווערט געמישט מיט וויים [וואס מעהר וויים עס ווערט צוגעמישט אלץ קלענער ווערט דער זעטיגונגס־גראד פון דער פארב].

sat'urator *n.* (סעטש'־יו־ריי־טאר) ז. *saturater*.

Sat'urday *n.* (סעט'־ער־דיי) שבת.

satu'rity *n.* (סע־טיו'־רי־טי) די אי־בערזעטיגונג, די איבערפילונג.

Sat'urn *n.* (סעט'־אורן) דער פלאנעט סאטורן, איינער פון די פלאנעטען וואס דרעהען זיך ארום דער זון ווי אונזער ערד. סאטורן האט א רונדען ליכט־קרייז פון עטליכע העלע רינגען ארום זיך, און ארום איהם דרעהען זיך 8 לבנות; דער רוימישער גאט סאטורנוס, דער בעשיצער פון ערד־ארבייט.



Saturn

Saturna'lia *n.* (סעט־אור־ניי'־לי־א) די סאטורנאליען, די ימים־טובים פון דעם גאט סאטורנוס ביי די פארצייטיגע רוי־מער [זיי פלעגען פארקומען אין מיטען דעצעמבער און דויערען 7 טעג. אין דיזע טעג פלעגען די שקלאפען בעפרייט ווערען פון דער ארבייט און פלעגען זיך לוסטיג מאכען צוזאמען מיט זייערע הערען]; א ליארמענדע הוליאנקע, א זויפעריי.

Saturna'lian *a.* (סעט־אור־ניי'־לי־ען) וואס איז שייך צו די סאטורנאליען אדער די ימים־טובים פון דעם גאט סא־טורנוס ביי די פארצייטיגע רוימער; סא־טורנאליש, מיט הוליאנקעס, מיט זויפעריי.

Satur'nian *a.* (סע־טויר'־ני־ען) וואס בעציהט זיך אויף דעם גאט סאטורנוס פון די פארצייטיגע רוימער; וואס איז שייך צום פלאנעט סאטורן. ז. *Saturn*.

Satur'nian me'ter (סע־טויר'־ני־ען מי'־טער) ז. *Saturnian verse*.

Satur'nian verse (סע־טויר'־ני־ען ווארס) דער סאטורנישער פערז [אן ארט דיכטונג אדער ליעדער־שרייבען ביי די פארצייטיגע רוימער].

sat'urnine *a.* (סעט'־אויר־ניין) פינ־סטער, אנגעכמורעט, שווערמיטיג, קאלט, פלעגמאטיש; נאריש, דום, ניט אינטערע־סאנט; בלייערן, פון בליי.

Sat'urnine *a.* (סעט'־אויר־ניין) וואס איז שייך צום פלאנעט סאטורן; וואס גע־הערט צום אלט־רוימישען גאט סאטורנוס.

sat'urnism *n.* (סעט'־אויר־ניזם) בליי־פערגיפטונג.

Satur'nus *n.* (סע־טויר'־נאס) ז. *Saturn*.

sat'yr *n.* (סעט'־איר) אין דער רוימי־שער מיטאלאגיע — א סאטיר, א פעלד אדער וואלד־גאט [א סאטיר פלעגט פאר־געשטעלט ווערען ווי זעהר א העסליכער מענש מיט הערנער, מיט אן עק און מיט פיס פון א ציג]; א שרעקליכער בעל תאוה, א נואף; אין זאאלאגיע — דער אראנג־אוטאנג [אזא אפע]; א מין פא־זאן; א מין שמעטערלינג.

Satyr

satyri'asis *n.* (סעט־אי־ראי'־ע־סיס) א קראנקהאפטע אונקאנטראלירבארע גע־שלעכטליכע תאוה ביי מענער.

satyr'ic *a.* (סע־טיר'־איק) וואס איז שייך צו א סאטיר. ז. *satyr*.

satyr'ion *n.* (סע־טיר'־אי־אן) איינער פון די מינים פון די ארכידעען־פלאנצען. ז. *Orchis*.

satyroma'nia *n.* (סעט־אי־רא־מיי'־ני־א) ז. *satyriasis*.

satyroma'niac *a. and n.* (סעט־אי־רא־מיי'־ני־עק) וואס האט א קראנקהאפ־טע אונקאנטראלירבארע תאוה צום גע־שלעכטליכען פערקעהר מיט פרויען; איי־נער וואס ליידעט פון אזא קראנקהאפטער, איבערנאטירליכער תאוה.

sauce *n. and v.* (סאהס) דער סאוס, איינגעקאכטער זאפט פון פלייש אדער פון פיש מיט פערשיעדענע געווירצען אלס א צוגאב צו שפייזען; קאמפאט, געקאכטע פרוכט מיט צוקער; עזות, חוצפה, פרעכ־הייט; צוווירצען [א געריכט]; פער־שארפען, מאכען פיקאנט; ארויסטרעטען מיט עזות, זיין חוצפה'דיג; מאכען צו צאהלען אדער צו ליידען.

sauce'-boat *n.* (סאהס'־באוט) א סאוס־שיסעל, א כלי צו האלטען סאוס.

sauce'box *n.* (סאהס'־באקס) אן עזות'ניק, א חוצפה'ניק.

sauce'pan *n.* (סאהס'־פען) א קליינע קאך־פאן מיט א דעקעל און א לאנגען הענ־טעל.

sau'cer *n.* (סאה'־סער) א שאל, א ספאד־קע, אן אונטער־טאס.

sau'cer-eye *n.* (סאה'־סער־אי) אן אקסען־אויג, א גרויסעס ארויסגעשטארצ־טעס אויג.

sau'cer-eyed *a.* (סאה'־סער־איד) וואס האט גרויסע רונדע און ארויסגעשטארצטע אויגען.

sau'cily *adv.* (סאה'־סי־לי) אויף א פרע־כען שטייגער, מיט עזות, מיט חוצפה.

sau'ciness *n.* (סאה'־סי־נעס) פרעכהייט, אונפערשעהמטהייט, עזות.

sau'cy *a.* (סאה'־סי) פרעך, אונפערשעהמט, חוצפה'דיג.

sauer'-kraut *n.* (סאור'־קראוט) זויער־קרויט.

saun'ter *v. and n.* (סאנ'־טער) זיך ארומשלעפען, זיך ארומשלאטאיען; ארומ־געהן פוסט און פאס; דאס ארומשלאיען זיך, דאס ארומגעהן פוסט און פאס.

saun'terer *n.* (סאנ'־טער־ער) איינער וואס שלעפט זיך ארום; א לעדיג־געהער, א פוסט־און־פאסניק.

saun'tering *n.* (סאנ'־טער־אינג) דאס ארומשלאיען זיך, דאס ארומגעהן פוסט און פאס.

saun'teringly *adv.* (סאנ'־טער־אינג־לי) ארומשלאיענדיג זיך; ארומגעהענדיג פוסט און פאס.

Sau'ria *n.* (סאה'־רי־א) די "זאורען", דער מין רעפטילען, וועלכע מען געפינט פערשטיינערט אין דער ערד, ווי דער איכטיאזאור, דינאזאור א. ז. וו.

sau'rian *a. and n.* (סאה'־רי־ען) וואס איז שייך צו דעם מין "זאורען"; א רעפ־טיל פון דיזען מין. ז. *Sauria*.

sau'sage *n.* (סאה'־סעדזש) ווארשט, קאלבאס.

sau'sage-cut'ter *n.* (סאה'־סעדזש־קאט'־ער) א מאשין צו שניידען ווארשט.

sau'sage-grin'der *n.* (סאה'־סעדזש־גראינ'־דער) א מאשין צו מאהלען פלייש פאר ווארשט.

saussu'rite *n.* (סאה־סיו'־ראיט) דער סאסוריט [א מין מינעראל פון א ווייסען, גרויען און גרינעם קאליר].

Sauterne' *n.* (סאו־טערן') א מין פראנ־צויזישער ווייסער וויין.

sa'vable *a.* (סיי'־וועבל) וואס קען גע־רעטעט ווערען.

sa'vableness *n.* (סיי'־וועבל־נעס) דאס קענען גערעטעט ווערען.

sav'age *a. and n.* (סעוו'־עדזש) ווילד, רויה; גרויזאם, בייז; אונציוויליזירט, אונגעבילדעט; גראב; בארבאריש, ברו־טאל, אכזריות'דיג; אויפגעבראכט; א וויל־דער מענש; אן אכזר; א ווילדע חיה.

sav'agedom *n.* (סעוו'־עדזש־דאם) א ווילדער צושטאנד; ווילדע מענשען.

sav'agely *adv.* (סעוו'־עדזש־לי) אויף א ווילדער, גרויזאמער ארט; אויף אן אונ־מענשליכען שטייגער.

sav'ageness *n.* (סעוו'־עדזש־נעס) וויל־דקייט; רויהייט, גראבקייט; גרויזאמקייט.

sav'agery *n.* (סעוו'־עדזש־רי) ווילד־קייט.

sav'agism *n.* (סעוו'-עדזש-איזם) ז. *savagery*

savan'na *n.* (סע-וועג'-א) די סאוואנא, א נארד-אמעריקאנישע סטעפ.

savant' *n.* (סע-וואן') א געלעהרטער.

save *v. and c.* (סייוו) רעטען; פער-היטען; אבשפארען; שפארען; אויסנוצען; ניט דורכלאזען, ניט פערפעהלען; זיין עקאנאמיש, זיין שפארזאם; חוץ, אויסער.

save'able *a.* (סייוו'-עבל) ז. *savable*

save'-all *n.* (סייוו'-אהל) דער ליכט-שפארער [א פארריכטונג אין א לייכטער אז דאס ליכט זאל אין גאנצען אויסברע-נען און עס זאל גארנישט בלייבען]; א פארריכטונג צו פערהיטען פערלוסט.

save appear'ances (סייוו ע-פיער'-ענס-עז) קייפען די באק אבי די פארב זאל שטעהן; מאכען אז אנשטעל ווי קיין זאך וואלט ניט פאסירט.

save one's ba'con (סייוו הוואנז ביי'-קאן) פערהיטען זיך פון א צרה

sa'ver *n.* (סיי'-ווער) א רעטער; א שפא-רער; עפעס וואס פערהיט פון פערלוסט אדער שפארט.

sa'ving *n., a. and c.* (סיי'-ווינג) אן אבשפאר; דאס אבשפארען, דאס פערהי-טען; אן אויסנאהמע; רעטענד; פערהי-טענד, שפארזאם, עקאנאמיש; אויסער, סיידען; מיט רעספעקט.

sa'vingly *adv.* (סיי'-ווינג-לי) אויף א שפארזאמער ארט; דורך פערהיטונג, דורך שפארזאמקייט; אום צו ווערען געראטעט אדער אויסגעלעזט [פון זינד].

sa'vings-bank *n.* (סיי'-ווינגז-בענק) א שפאר-באנק, א שפאר-קאסע [באנקען אדער רעגיערונגס-אנשטאלטען, וועלכע נעהמען אויף קליינע סומען געלד און צאהלען א געוויסען פראצענט].

Sa'vior *n.* (סיי'-וויאר) דער ערלעזער [יעזוס קריסטוס].

sa'vior *n.* (סיי'-וויאר) א רעטער, אן אויסלעזער.

Sa'viour *n.* (סיי'-וויאר) ז. *Savior*

sav'oir-faire' *n.* (סעוו'-אואר-פעהר') דאס וויסען וואס, ווען און ווי צו טהאן; א קלוגע אדער ריכטיגע אנפיהרונג פון עפעס; טאקט.

sav'oir-vi'vre *n.* (סעוו'-אואר-וויוור) דאס וויסען ווי אויפצופיהרען זיך אין גע-זעלשאפט; גוטע ערציהונג.

savonette' *n.* (סעוו-א-נעט') א זארט זייף; א מין וועסט-אינדישער בוים, וואס זיין קארע ווערט געברויכט אלס זייף.

sa'vor *n. and v.* (סיי'-ווער) א געשמאק; א גערוך; א גוטער ריח; א כאראקטעריס-טישע אייגענשאפט; א רעפוטאציע, א נא-מען; א כאראקטער; שמעקען, האבען א גערוך; שמעקען מיט עפעס, האבען אין זיך עפעס כאראקטעריסטישעס; מאכען גע-שמאק.

sa'vorily *adv.* (סיי'-ווער-אי-לי) מיט געשמאק; מיט א גוטען גערוך.

sa'vorless *a.* (סיי'-ווער-לעס) אהן גע-שמאק.

sa'vorous *a.* (סיי'-ווער-אס) געשמאק, אנגענעהם.

sa'vory *a. and n.* (סיי'-ווער-אי) גע-שמאק, אנגענעהם; דער טשאבער אדער פעפער-קרויט [א מין אראמאטישעס גראז וואס ווערט געברויכט אין איינזאלצען פער-שיעדענע קרייטיכער].

savoy' *n.* (סע-וואי') א מין קרויט מיט געקנייטשטע בלעטער.

saw *n. and v.* (סאה) א זעג; א זאגע, א שפרוך; זעגען; געזעגט ווערען.

saw (סאה) געזעהן. ז. *see*

saw'-bench *n.* (סאה'-בענטש) א זעג-באנק [אזא באנק אדער טיש אויף וועל-כען עס ווערט געלעגט דאס האלץ צום זעגען מיט א רונד-זעג].

saw'-block *n.* (סאה'-בלאק) א זעג-בלאק [א פיער-קאנטיג קלעצעל פון אייזען אדער פון האלץ מיט פאראלעלע איינשניטע וואס ווערט געברויכט צום פיהרען די זעג ביים זעגען האלץ אין שרעגע שטיקער].

saw'bones *n.* (סאה'-באונז) א דאקטאר [אלס הומאריסטישער אויסדרוק].

saw'buck *n.* (סאה'-באק) ז. *sawhorse*

saw'der *n.* (סאה'-דער) שמייכלעריי, חניפה.

saw'dust *n.* (סאה'-דאסט) זעג-שפענער, זעג-שטויב, אפילקעס.

saw'er *n.* (סאה'-ער) איינער וואס זעגט, א זעגער.

saw'-fish *n.* (סאה'-פיש) דער זעג-פיש [א מין ים-פיש אהן שופען מיט א הארטען זעג-פערמיגען פיסק].


Saw-fish

saw'-fly *n.* (סאה'-פלאי) א מין פליגע וואס שטעכט דורך פלאנצונגען און ווייכעס האלץ און לעגט איהרע אייער אין די לעכער וואס זיא האט געמאכט.

saw'-frame *n.* (סאה'-פריים) א זעג-געשטעל, א זעג-ראהם.

saw'horse *n.* (סאה'-האהרס) א זעג-באק, קאזלעס [א געשטעל אויף וועלכען מען זעגט האלץ].

saw'ing-machine' *n.* (סאה'-אינג-מע-שין') א זעג-מאשין.

saw'mill *n.* (סאה'-מיל) א פאבריק וואו מען זעגט געהילץ.

sawn (סאהן) געזעגט. ז. *saw*

saw'-pit *n.* (סאה'-פיט) א זעג-גרוב [א גרוב, איבער וועלכער עס ליגט א קלאץ, וואס ווערט געזעגט פון צוויי מענשען, איי-נער שטעהענדיג אונטען און דער אנדע-רער אויבען].

saw'-set *n.* (סאה'-סעט) אן אינסטרו-מענט געברויכט אבצובויגען די צייהנדלעך פון א זעג רעכטס און לינקס, כדי זי זאל מאכען א טיעפערען אדער ברייטערען שניט.

saw'-tooth *n.* (סאה'-טוהטה) א זעג-צאהן.

saw'-vise *n.* (סאה'-וואיס) א שרויף-שטאק צו האלטען א זעג בעת מען שארפט זי.

saw'wort *n.* (סאה'-הווארט) די שארטע [א מין גראז, פון די בלעטלעך פון דיעזען גראז בעקומט מען א געלבע פארב].

saw'-wrest *n.* (סאה'-רעסט) ז. *saw-set*

saw'yer *n.* (סאה'-יער) א זעגער, א ברע-טער-זעגער; א בוים וואס ווערט ארויסגע-טראגען מיט'ן שטראם פון א טייך.

sax *n.* (סעקס) א האמער צוצוריכטען און צוצושלאגען שיפער-פלאטען אויף דעכער [דער האמער האט פון איין זייט א שפיץ צו מאכען נעגעל-לעכער אין די פלאטען]; א לאנג מעסער; א שווערד.

sax'atile *a.* (סעק'-סע-טיל) וואס געהערט צו פעלזען, וואס וואקסט אויף פעלזען, וואס לעבט אונטער פעל-זען.

sax'cornet *n.* (סעקס'-קאהר-נעט) ז. *saxhorn*

sax'horn *n.* (סעקס'-האהרן) א זאקסהארן [א מוזיקא-לישער בלאז-אינסטרומענט עהנליך צו א טראמפעט].

sax'icole *a.* (סעק'-סי-קאול) וואס וואקסט צווישען פעלזען [וועגען פלאנצען].

saxic'olous *a.* (סעק-סיק'-א-לאס) וואס לעבט אדער וואקסט צווישען פעלזען.


Saxhorn

sax'ifrage *n.* (סעק'-סי-פרעדזש) דער בארזו [א מין פלאנצע מיט רויטע בלו-מען, וואס וואקסט צווישען שטיינער און פעלזען. איהרע פערטריקענטע בלעטער ווערען אפט אין סיביר בענוצט אנשטאט טהעע].

Saxifrage

saxif'ragine *n.* (סעק-סיפ'-רע-דזשין) א מין שיס-פולווער; א מין דינאמיט.

saxig'enous *a.* (סעק-סידזש'-ע-נאס) ז. *saxicole*

Sax'on *n. and a.* (סעקסן) א זאקס, אן זאקסען [אין דייטש-לאנד]; די אנגלא-זאקסישע שפראך, ענג-ליש; דאס זאקסישע פאלק, וואס האט אין 5טען און 6טען יאהרהונדערטס איינגענו-מען בריטאניען; זאקסיש, וואס איז שייך צו די זאקסען אדער צו זייער שפראך.

Sax'on ar'chitecture (סעקסן אר'-קי-טעק-טשור) די זאקסישע ארכיטעקטור [א פארם פון בוי-קונסט אין ענגלאנד ביז דער ערא-בערונג פון דיעזען לאנד דורך די נארמאנען אין 11טען יאהר-הונדערט].

Sax'ondom *n.* (סעק'סן-דאם) די אנגלא-זאקסישע רא-סע אדער לענדער.

Saxon'ic *a.* (סעק-סאנ'-איק) זאקסיש, וואס איז שייך צו די זאקסען אדער צו זייער שפראך.


Saxon Architecture

Saxon'ical *a.* (סעק-סאנ'-אי-קעל) ז. *Saxonic*

Sax'onism *n.* (סעק'סנ-איזם) די אלטענגלישע שפראך.

Sax'onist *n.* (סעק'סנ-איסט) א קענער פון דער זאקסישער אדער אלט-ענגלישער שפראך.

Sax'onize *v.* (סעק'סנ-איז) מאכען זאקסיש; דורכדרינגען מיט זאקסישע אידעען אדער געפיהלען.

sax'ony *n.* (סעק'סנ-אי) א מין טייערער וואלען-צייג.

sax'ophone *n.* (סעק'-סא-פאון) א סאקסאפאן [אזא מוזיקאלישער בלאז-אינסטרומענט].

Saxophones

saxotrom'ba *n.* (סעק-סא-טראמ'-בא) ז. *saxhorn*.

sax'-tu'ba *n.* (סעקס'-טיו'-בא) אזא גרויסער זאקסהארן. ז. *saxhorn*.

say *v. and n.* (סיי) 1. זאגען, רעדען, אויסדריקען אין ווערטער; איבערדערצעהלען, איבער'חזר'ען; אורטיילען, ארויסזאגען א מיינונג; 2. אנעהמען, מאכען א השערה; 3. ערווידערען, געבען אן ענטפער; 4. עפעס וואס איינער האט צו זאגען; א רעדע, א מעשה; אן ערקלערונג, א בעהויפטונג; א זאגע, א שפריכווארט; 5. א רייה, אן אטשערעד צו זאגען עפעס.
2. The number left behind was not great, say only five. 5. Now it is my say.

say away' (סיי ע-הוויי') רייד ווייטער!

say by heart (סיי באי הארט) זאגען עפעס אויסענווענינ.

say'er *n.* (סיי'-ער) דער וואס זאגט עפעס.

say grace (סיי גרייס) בענשען [נאך'ן עסען].

say'ing *n.* (סיי'-אינג) א ווארט, א זאגע, א שפריכווארט, אן אפאריזם; אן אויסדרוק, אן ערקלערונג, א מעלדונג.

say one's beads (סיי הוואנז ביעדז) זאגען פאטשערעס [ביי קריסטען].

say o'ver again' (סיי או'-ווער ע-געז') נאכאמאל איבערזאגען, איבער'חזר'ען, ווידערהאלען.

say'-so *n.* (סיי'-סאו) 1. א בעהויפטונג; אן ערקלערונג, א קלאנג, א סלוך; 2. א בעפעהל.
1. Your mere say-so does not make it so. 2. His say-so is obeyed at once.

say to (סיי טו) דענקען, מיינען, האבען א מיינונג וועגען...

sbir'ro *n.* (סביר'-ראו) א סבירא, אן איטאליענישער פאליציסט.

sc. אבקירצונג פון *scilicet* אדער פון *sculpsit*

S. C. *South Carolina* אבקירצונג פון [סאוט קאראלאינא, א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

scab *n., a. and v.* (סקעב) א פארך; קרעץ; א מין קרעץ-אויסשלאג פון שאף; א סקעב [אן ארבייטער וואס בעלאנגט ניט צו א פעראיין און פערנעהמט די שטעלע פון א פעראיינס-ארבייטער ווען יענער שטעלט איין די ארבייט צוליעב געוויסע פאדערונגען], א שטרייק-ברעכער; אין באטאניק — א קרעציגער אנוואוקס אויף געוויסע פרוכט; וואס ברויכט ניט יוניאן-לייט אדער שטרייק-ברעכער צו דער ארבייט; זיין א סקעב אדער שטרייק-ברעכער; בעדעקען זיך מיט קרעץ אדער מיט א פארך; ווערען פארשיווע.

scab'bard *n. and v.* (סקעב'-ארד) א שייד פון א שווערד; אין דרוקעריי — א זעץ-ליניע [א דינע הילצערנע ליניע וואס לעגט זיך ביי די זייטען פון אנגעזעצטע שריפט, אום צו מאכען זיי גלייך]; אריינלעגען אין שייד; מאכען א שייד פאר א מעסער אדער שווערד.

scabbed *a.* (סקעבד) קרעציג, פארכיג, פארשיווע; לומפיג, ארים.

scab'bedness *n.* (סקעב'-עד-נעס) ז. *scabbiness*.

scab'biness *n.* (סקעב'-אי-נעס) פארכיגקייט; קרעצינקייט; דאס זיין קרעציג אדער לומפיג.

scab'ble *v.* (סקעבל) ארומהאקען א שטיין מיט א ברייטען דלאט אדער מיט א פערשפיצטען האמער פאר זיין ענדליכער בעארבייטונג.

scab'by *a.* (סקעב'-אי) קרעציג, פארשיווע, פארכיג; אין דרוקעריי — אונריין, מיט פלעקען [וועגען אבגעדרוקטען פאפיער].

sca'bies *n.* (סקיי'-בי-איז) קרעץ.

sca'bious *a. and n.* (סקיי'-בי-אס) אנגעשטעקט מיט קרעץ; די סקאביאזע [א מין גראז מיט בלויע און רויטע בליהונגען].

Scabious

sca'brous *a.* (סקיי'-בראס) גראב, שארסטקע, ניט גלאט, שפיציג.

sca'brousness *n.* (סקיי'-בראס-נעס) שארסטינקייט.

scab'wort *n.* (סקעב'-הווארט) ז. *elecampane*.

scad *n.* (סקעד) ז. *horse-mackerel*.

scaf'fold *n. and v.* (סקעפ'-אלד) א ביהנע, א צייטווייליג-אויפגעבויטע גאלערעע; אן עשאפאט, א פלאטפארם צום הינריכטען; א געשטעל פאר ארבייטער, א געשטעל, וואס עס ווערט געמאכט ביים בויען אדער מויערען א געביידע, אויף וועלכען די ארבייטער שטעהען; א הענגענדעס ברעט אויף וועלכען פארבערס שטעהען ווען זיי פארבען די ווענד פון א געביידע; ביי אייניגע אינדיאנער שבטים פון אמעריקא — א הויכע אויפגעבויטע פלאטפארם, אויף וועלכער זיי לאזען זייערע טויטע [אנשטאט מקבר זיין]; מאכען א געשטעל [פאר מויערער, פארבער א. ד. ג.]; אונטערשטיצען, אונטערהאלטען; לעגען א טויטען אויף אן אויפגעבויטער פלאטפארם [ווי עס פראקטיצירט זיך ביי געוויסע אינדיאנער שבטים].

scaf'foldage *n.* (סקעפ'-אל-דעדזש) די געהילץ-ארבייט פון דער ביהנע; די ביהנע; די גאלערעע.

scaf'folding *n.* (סקעפ'-אל-דינג) א ביהנע אדער פלאטפארם; דאס מאטעריאל אדער געהילץ פון וואס מען בויט א ביהנע אדער פלאטפארם.

scaf'folding-pole *n.* (סקעפ'-אל-דינג-פאול) איינער פון די שטאנגען אדער קלעצער, וואס האלטען אויף די דילען-ברעטער פון א ביהנע אדער פלאטפארם.

scaf'fold up (סקעפ'-אלד אפ) אויפבויען, צוזאמענשטעלען.

scaglio'la *n.* (סקעל-יאו'-לא) נאכגעמאכטער שטיין, נאכגעמאכטער מארמאר [א מין גיפס וואס זעהט אויס ווי מארמאר און ווערט געברויכט פאר פערשיעדענע ארכיטעקטור-בעציערונגען פון ווענד און זיילען].

sca'la *n.* (סקיי'-לא) אין כירורגיע — אן אינסטרומענט אריינצושטעלען אויף זיין ארט אן אויסגעלונקענעם אבר.

sca'lable *a.* (סקיי'-לעבל) אויף וואס מען קען ארויפקלעטערען; וואס קען געשטורמט ווערען [וועגען א פעסטונג]; וואס קען אבגעשיילט ווערען; וואס קען געמאכט ווערען פראפארציאנעל אדער לויט'ן מאסשטאב.

scalade' *n.* (סקע-לייד') דער שטורם-לויף אדער די שטורמונג פון א פעסטונג.

scalar'iform *a.* (סקע-לער'-אי-פארם) לייטער-פערמיג, וואס האט די פארם פון א לייטער אדער טרעפ.

scal'awag *n.* (סקעל'-ע-הוועג) א ליידאק, א טויגעניכטס; א מאגערע בהמה.

scald *v., n. and a.* (סקאהלד) בריהען, אבבריהען; דער בראנד, א ברען, אן אבבריה; א פארך; א סקאלד [א סקאנדינאווישער פאעט פון די אלטע צייטען, וועלכער פלעגט בעזינגען די גבורות און נצחונות פון די העלדען און בעריהמטע מענשען]; פארשיווע, קרעציג.

scal'der *n.* (סקאהל'-דער) איינער וואס בריהט [מילך]; א כלי צום בריהען פלייש אדער מילך; אן אבבריה.

scald'fish *n.* (סקאהלד'-פיש) אזא שטיין-בוט [א מין פלאטשיגער ים-פיש].



Scaldfish

scal'dic *a.* (סקאהל'-דיק) סקאלדיש, וואס איז שייך צו די סקאלדען [די אלט-סקאנדינאווישע דיכטער].

scal'ding *n.* (סקאהל'-דינג) דאס אבבריהען, דאס פערבריהען, דאס וואס ווערט נעקאכט אין זודיגען וואסער.

scale *n. and v.* (סקייל) א שאל, א וואג-שאל [ז. איל.]; א שופ, א לוסקע [פון א פיש]; א בלעטעל, א שייל-בלעטעל, א שפליטער; א מאסשטאב, א מאס; דער גרונד, די ארדנונג; דער טאנלייטער, דער טאן-פיהרער [פון א פארטעפיאנא]; דער שטורם-לויף [אויף א פעסטונג]; אבוועגען, אבמעסטען, פערגלייכען, אבשאצען; אראבנעהמען די שופען אדער די שאלעכצען, אבשיילען; בעשניידען, אראבנעהמען די בערגלעך, אויסגלייכען אן אויבערפלעכע; פאנאנדער-

טרייבען [אז עולם]; פאנאנדערגיסען; פאנאנדערשיטען; ארויפקלעטערען, אויפהויבען זיך אין דער הויך [דורך טרעפ אדער דורך א לייטער]; מאכען לויט דער פראפארציע אדער לויט'ן מאסשטאב; אונטערשניידען אדער פערקלענערען פראפארציאנעל; אויספלאמען [רייניגען א קאנאן מיט פולווער].



Scale

scale'able *a.* (סקייל'–עבל) ז. ***scalable***

scale'-ar'mor *n.* (סקייל'–אר'–מאר) א שופען=פאנצער.

scale'-beam *n.* (סקייל'–ביעם) דער באלאנס=שטאנג פון א וואגשאל.

scale'-board *n.* (סקייל'–באורד) א זעהר דינן ברעטעל; אין דרוקעריי — א לאנג, דין, הילצערן ברעטעל, וואס דיענט אויסצוגלייכען די זייטען פון אנגעזעצטער דרוק=שריפט.

scaled *a.* (סקיילד) שופיג, וואס האט שופען אדער לוסקעס [ווי א פיש].

scale'less *a.* (סקייל'–לעס) אהן שופען.

scalene' *a. and n.* (סקע-לין') וואס האט אונגלייכע זייטען; א דריי=עק מיט אונגלייכע זייטען; א מוסקול מיט אונגלייכע זייטען.

scale'non *a.* (סקע-לי'–נאן) וואס האט אונגלייכע זייטען. ז. ***scalene***

scale'nous *a.* (סקע-לי'–נאס) ז. ***scalenon***

scale'-quail *n.* (סקייל'–קהווייל) די אמעריקאנער וואכטעל [אזא פויגעל].

Scale-quail

sca'ler *n.* (סקיי'–לער) איינער וואס וועגט; איינער וואס שאבט פיש; אן אינסטרומענט צום שאבען פיש; א דענטיסטישער אינסטרומענט אראבצונעהמען אנגעוואקסענע וויינשטיין פון צייהנער.

scales *n.* (סקיילז) שאלען, וואג=שאלען.

scale'-stone *n.* (סקייל'–סטאון) דער שאל=שטיין אדער דער פלאכער שפאט [אזא גרינער, רויטער אדער בלויער שטיין, פון וועלכען עס ווערען געמאכט פערשיעדענע כלים].

sca'liness *n.* (סקיי'–לי-נעס) שופינקייט, דאס זיין בעדעקט מיט שופען; גראבקייט [אין כאראקטער]; שארסטיגקייט.

sca'ling *a. and n.* (סקיי'–לינג) וואס קען אבשאבען די שופען פון פיש; דאס אבשאבען פיש; דאס אראבשאבען דעם אנגעקאכטען קאלך=שטיין פון דער אינוועניגסטער זייט פון א קעסעל; די שופען=פארמען פון פיש; דאס אראבנעהמען דעם אנגעוואקסענעם וויינשטיין פון צייהנער.

sca'ling-knife *n.* (סקיי'–לינג-נאיף) א מעסער אבצושאבען די שופען פון א פיש.

sca'ling-lad'der *n.* (סקיי'–לינג-לעד'–ער) א שטורם=לייטער [א לייטער וואס ווערט געברויכט פון מיליטער אום צו שטורמען א פעסטונג].

scall *n.* (סקאהל) א הויט=אויסשלאג; קרעץ, א פארך.

scal'lawag *n.* (סקעל'–ע-הוועג) ז. ***scalawag***

scalled *a.* (סקאהלד) קרעציג; פארשיווע; נידריג, געמיין.

scal'lion *n.* (סקעל'–יאן) א מין ציבעלע.

scal'lop *n. and v.* (סקעל'–אפ) די קאם=מושעל, א מאלוסק מיט צווייערקעלדיגע מושעלען [ער שווימט, עפענענדיג און צומאכענדיג די דעקלעך]; איינס פון די דעקלעך פון א קאם=מושעל; א קליין פענדעל צו קאכען פיש, אויסטערס א. ד. ג.; א רונדע אויסצאקונג, א קארב; א וועלען=שניט ביים ראנד פון פאפיערען א. ד. ג.; רונד אויסצאקען, מאכען קארבען, מאכען וועלען=פערמיג; קאכען אין א קליינעם פלאכען פענדעל.

scal'loped *a.* (סקעל'–אפט) צאקען=פערמיג, אויסגעהאקט אין רונדע צאקען.

scal'lop-shell *n.* (סקעל' – אפ – שעל) דער קאם=מושעל. ז. ***scallop***

Scallop-shell

scalp *n. and v.* (סקעלפ) דער סקאלפ, דער טייל פון דער הויט אויף'ן שארבען, וואס איז בעוואקסען מיט האר; די קאפ=פעל פון א ווילדער חיה; סקאלפירען; אבשינדען אדער אראברייסען די הויט פון קאפ צוזאמען מיט די האר [אלס מלחמה=טראפיי ביי די אינדיאנער]; מאכען נאקעט אדער הויל [ווי פערניכטענדיג דאס גראז אויף פעלדער]; פערקויפען אונטער דעם אנגענומענעם פרייז; אויפקויפען ביליג און פערקויפען מיט א קליינעם פערדיענסט; פערניכטען איינעמס פאליטישען איינפלוס; בעשטראפען א פאליטיקער פאר אונגעהארכזאמקייט צו דער פארטיי.

scal'pel *n.* (סקעל'–פעל) א סקאלפעל, א קליין מעסער וואס ווערט בענוצט פון כירורגען צו מאכען אן אפעראציע.

scal'per *n.* (סקעל'–פער) איינער וואס סקאלפירט אדער שינדט אראב די הויט פון קאפ; א סקאלפיר=מעסער; איינער וואס האנדעלט מיט אייזענבאהן=בילעטען, מיט טעאטער=בילעטען א. ד. ג. און פערקויפט זיי פאר ביליגערע פרייזען ווי זיי קאסטען אין דער קאסע; א מאשין צו רייניגען תבואה=קערנער; אזא זיפ צום פאנאנדערטיילען מעהל פון פערשיעדענע גראדען.

scal'ping-knife *n.* (סקעל'–פינג-נאיף) א סקאלפיר=מעסער [מיט וועלכען די אינדיאנער פלעגען אמאל אראבשינדען די קאפ=הויט פון זייערע פיינד].

scalp'less *a.* (סקעלפ'–לעס) וואס איז אהן א סקאלפ [וועגען א מענשען, וועלכער איז געזונד געווארען נאכדעם ווי מען האט איהם אבגעשונדען די הויט פון שארבען]; פליכעוואטע, מיט א פליך.

scalp'-lock *n.* (סקעלפ'–לאק) א לאנגער לאק האר אויף'ן שפיץ פון קאפ ביי די אינדיאנער.

scal'priform *a.* (סקעל'–פרי-פארם) דלאט=פערמיג [וועגען די שנייד=צייהנער פון מאנכע חיות, ווי דער ביבער].

sca'ly *a.* (סקיי'–לי) שופיג, מיט שופען; קרעציג, פארשיווע; קארג; געמיין.

scam'ble *v. and n.* (סקעמבל) זיך ווארפען, זיך צאפלען; זיך רייסען [פאר עפעס]; טהון עפעס אונגעלומפערט, זיין אונגעלומפערט; זיין אהן א טאלק; פאנאנדערווארפען; זאמלען אהן א טאלק אדער ארדנונג; א רייסעריי.

scam'bler *n.* (סקעמ'–בלער) איינער וואס צאפלט זיך אדערווארפט זיך; איינער וואס רייסט זיך אדער שלאגט זיך איבער עפעס; א צודרינגליכער מענש, א צודרינגליכער, איינגעגעסענער גאסט.

scam'bling *a. and n.* (סקעמ'–בלינג) צאפלענדיג, אונרוהיג, צושטהייט; אהן ארדנונג, אהן א מעטאדע; זיך רייסענד [איבער עפעס]; א ניט רעגעלמעסיגער איילענדיגער מאהלצייט.

scam'bling-days *n.* (סקעמ'–בלינג-דייז) די קריסטליכע פאסט=צייט פאר פאסכא. ז. ***Lent***

scam'blingly *adv.* (סקעמ'–בלינג-לי) אונרוהיג, שטארק צאפלדיג; אויף אן אנגעשטרענגטער ארט, זיך רייסענדיג, קעמפפענדיג.

scammo'nia *n.* (סקע-מאו'–ני-א) ז. ***scammony***

scammo'niate *a.* (סקע-מאו'–ני-אייט) געמאכט מיט סקאמאניום. ז. ***scammony***

scam'mony *n.* (סקעמ'–א-ני) די סקאמאניום=פלאנצע [אזא קלעטערענדע אזיאטישע פלאנצע]; סקאמאניום [דער פעך פון דער סקאמאניום=פלאנצע, ווערט נעברויכט אלס אבפיהרונגס=מיטעל].

scamp *n. and v.* (סקעמפ) א מאשעניק, א בעטריגער; א טויגעניכטס, א ליידאק; א שווינדלער, א לומפ; אן אנטלאפענער, א בראדיאגע, א וואגאבונד; פארטאטשעווען, פושען; בעשווינדלען.

scam'per *v. and n.* (סקעמ'–פער) לויפען, פליהען, גאלאפירען; א שנעלעס לויפען, א גאלאפ; א פושער, א פארטאטש.

scam'perer *n.* (סקעמ'–פער-ער) איינער וואס לויפט שנעל; איינער וואס טהוט עפעס אויבערפלעכליך, א פושער.

scam'pish *a.* (סקעמ'–פיש) לומפיג.

scam'py *a.* (סקעמ'–פי) ז. ***scampish***

scan *v.* (סקען) גריינדליך, פונקט נאך פונקט עקזאמענירען אדער דורכפרובירען; צעהלען די זילבען אדער פערזען=פים פון א געדיכט; לייענען א געדיכט אזוי, אז עס זאל זיך מערקען דער מעטער אדער דער פערזען=געבוי; שטימען מיט'ן מעטער [וועגען שורות אין געדיכטע].

Scand. אבקירצונג פון ***Scandinavian***

scan'dal *n. and v.* (סקענ'–דעל) א סקאנדאל, א שאנדע; פערלוימדונג, שענדונג, לעסטערונג; פערלוימדען; סקאנדאליזירען.

scan'dal-bear'er *n.* (סקענ'–דעל-בעהר'–ער) א פערלוימדער, א פערשפרייטער פון סקאנדאליעזע געשיכטען.

scandalisa'tion *n.* (סקענ-דעל-אי-זיי'-שאן) ז. *scandalization*

scan'dalise *v.* (סקענ'-דעל-איז) ז. *scandalize*

scandaliza'tion *n.* (סקענ-דעל-אי-זיי'-שאן) סקאנדאליזירונג, דאס מאכען א סקאנדאל, פערלוימדונג, לעסטערונג, שענדונג.

scan'dalize *v.* (סקענ'-דעל-איז) סקאנדאליזירען, בעליידיגען, ארויסרופען עקעל, מאכען סקאנדאלען; שענדען, פערלוימדען.

scan'dal-mon'ger *n.* (סקענ'-דעל-מאנ'-גער) א פערשפרייטער פון סקאנדאליעזע געשיכטען, א פערלוימדער.

scan'dalous *a.* (סקענ'-דעל-אס) סקאנדאליעז, שענדליך; פערלוימדעריש.

scan'dalously *adv.* (סקענ'-דעל-אס-לי) אויף א סקאנדאליעזען אדער שענדליכען אופן.

scan'dalousness *n.* (סקענ'-דעל-אס-נעס) דאס זיין סקאנדאליעז; שענדליכקייט.

scan'dalum magna'tum (סקענ'-דע-לאם מעג-ניי'-טאם) א פערלוימדונג פון הויך=געשטעלטע פערזענליכקייטען אדער הויכע רעגיערונגס=בעאמטע.

scan'dent *a.* (סקענ'-דענט) קלעטערענד [וועגען פלאנצען אדער פויגלען]; וואס העלפט צום קלעטערען.

Scan'dian *n. and a.* (סקענ'-די-ען) ז. *Scandinavian*

Scandina'vian *n. and a.* ((סקענ-די-ניי'-ווי-ען) א סקאנדינאוויער [איינער פון די סקאנדינאווישע לענדער: שוועדען, נארוועגען און דענעמארק]; די סקאנדינאווישע שפראכען; סקאנדינאוויש, וואס איז שייך צו די סקאנדינאווישע פעלקער אדער צו די סקאנדינאווישע שפראכען.

scan'ning speech (סקענ'-אינג ספיעטש) א קראנקהאפטע מאנאטאנע אויסשפראך, ביי וועלכער די זילבען ווערען ארויסגערעדט בעזונדער מיט לאנגע אונטערברעכונגען.

scan'sion *n.* (סקענ'-שאן) דאס צעהלען די זילבען אדער פערזען=פיס פון א געדיכט.

scanso'rial *a.* (סקענ-סאו'-רי-על) קלעטערענד, צום קלעטערען, וואס קען קלעטערען; וואס איז צוגעפאסט צום קלעטערען.
The woodpecker is a **scansorial** bird.

scanso'rious *a.* (סקענ-סאו'-רי-אס) ז. *scansorial*

scant *a., n. and v.* (סקענט) 1. קנאפ, וועניג, קוים גענוג; 2. קורץ, וואס האט וועניג; 3. קארג; שפארעוודיג; 4. מאנגעל, קנאפקייט, וועניגקייט; 5. בעשרענקען, געבען וועניג; 6. פערקלענערען, פערקירצען; שפארען.
1. We have a **scant** supply of meat. 6. The prisoners are **scanted** in provisions.

scant'ily *adv.* (סקענט'-אי-לי) קנאפ, ניט גענוג, וועניג; קארג.

scant'iness *n.* (סקענט'-אי-נעס) בעשרענקטקייט, וועניגקייט, קליינקייט, קנאפקייט, קארגקייט.

scan'tity *n.* (סקענ'-טי-טי) ז. *scantiness*

scan'tle *v. and n.* (סקענטל) צושניידען אדער פאנאנדערטיילען אין קליינע שטיקלעך; אזא מאס ביים אויסשניידען שיעפערטאוולען.

scant'ling *n.* (סקענט'-לינג) א ביסעל, א קליינע דאזע; א קליינע פאלענע אדער שייט האלץ; א מאס; א לענג.

scant'ly *adv.* (סקענט'-לי) קנאפ, קארג, וועניג; קוים.

scant'ness *n.* (סקענט'-נעס) קנאפקייט, וועניגקייט, קארגקייט, בעשרענקטקייט.

scant of breath (סקענט אוו ברעטה) מיט א קורצען אטעם; ענג=ברוסטיג.

scant'-of-grace' *n.* (סקענט'-אוו-גריים') א טויגעניכטס.

scant'y *a.* (סקענט'-אי) קנאפ, קארג, וועניג, קוים גענוג.

scape *n.* (סקייפ) א שאפט, א בלומען=שטענגעל אהן בלעטלעך; אין ארכיטעקטור — א זיילען=שאפט [דער טייל פון א זייל ביים פונדאמענט]; דער שאפט פון א פעדער [דער נאקעטער טייל פון א פעדער].

scape'-gal'lows *n.* (סקייפ'-געל'-אוז) איינער וואס האט זיך געראטעוועט פון דער תליה [כאטש ער האט פערדיענט די שטראף]; א לומפ.

scape'goat *n.* (סקייפ'-גאוט) א זינד=באק, א שעיר לעזאזל; א כפרה=היהנדעל, איינער וואס ווערט א קרבן פאר פרעמדע זינד.

scape'grace *n.* (סקייפ'-גריים) א טויגעניכטס.

scape'less *a.* (סקייפ'-לעס) אהן א שאפט [וועגען פלאנצען]. ז. *scape*

scape'ment *n.* (סקייפ'-מענט) ז. *escapement*

scape'-wheel *n.* (סקייפ'-הוויעל) ז. *escapement wheel*

scaphan'der *n.* (סקע-פענ'-דער) א טויכער=קלייד [מיט פארריכטונגען צו בעזארגען דעם טויכער מיט לופט אונטער דעם וואסער].

scaph'ism *n.* (סקעפ'-איזם) אזא שטראף, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס מען שטעלט דעם פעראורטיילטען אריין אין אן אויסגעהוילטען בוים [דער פעראורטיילטער ווערט אויסגעשמירט מיט האניג און אין דעם בוים ווערען געמאכט לעכער, כדי די ביענען און פליעגען זאלען קענען צוקומען צו זיין קערפער און איהם פייניגען].

scaph'oid *a. and n.* (סקעפ'-איד) שיפעל=פערמיג; דער שיפעל=ביין. ז. *navicular*

sca'piform *a.* (סקיי'-פי-פארם) שאפט=עהנליך. ז. *scape*

scapinade' *n.* (סקעפ-אי-נייד') א שפיצעל, א שווינדלערישער אויפטהו.

scap'olite *n.* (סקעפ'-א-לאיט) סקאפאליט [אזא פעלדשפאט=ארטיגער שטיין].

scap'ple *v.* (סקעפל) ז. *scabble*

scap'ula *n.* (סקעפ'-יו-לא) דאס שולטער=בלאט, דער אקסעל=ביין.

scap'ular *a. and n.* (סקעפ'-יו-לאר) וואס איז שייך צו די פלייצעס אדער צו די אקסעל=ביינער; א שולטער=מאנטעל, א סקאפוליער [אזא קורצער מאנאכען=מאנטעל אדער אזא שטיק געוואנד, וואס ווערט געטראגען אויף די אקסלען פון געוויסע מאנאכען אדער אלס צייכען פון פרומקייט ביי קאטוליקען]; אן אקסעל=באנדאזש; די אקסעל=פעדערען [ביי פויגלען].

scap'ulary *a. and n.* (סקעפ'-יו-לע-רי) עהנליך צו א שולטער=מאנטעל אדער סקאפוליער; א סקאפוליער אדער שולטער=מאנטעל; אן אקסעל=באנדאזש; אקסעל=פעדערען [ביי פויגלען]. ז. *scapular*

scap'ulimancy *n.* (סקעפ'-יו-לי-מענ-סי) נביאות אדער דאס טרעפען לויט דעם אקסעל=ביין.

scapuliman'tic *a.* (סקעפ-יו-לי-מענ'-טיק) וואס איז שייך צו נביאות לויט דעם שולטער=בלאט אדער אקסעל=ביין.

sca'pus *n.* (סקיי'-פאס) ז. *scape*

scar *n. and v.* (סקאר) א שראם, א נארב, א שנאר [א צייכען פון א פערהיילטער וואונד]; א צייכען פון בעשעדיגונג [פיזישער אדער מאראלישער]; אן אויסגעריבענער פלאץ; א פעהלערהאפטער פלאץ [אין גוס=אייזען]; א הוילער פעלז; א פעלז; א משופע'דיגער ברעג; א הוילער, ניט גלייכער פלאץ ביי דער זייט פון א בארג; דער ים=פאפוגאי [אזא פיש]; מאכען א שראם; שעדיגען; פערוואונדען.

scar'ab *n.* (סקער'-עב) א זשוק, א קעפער; א מיסט=זשוק; א סקאראבעאוס [א מין זשוק, וועלכער איז געוועזען פערגעטערט ביי די פארצייטיגע עגיפטער]; אן עדעלשטיין אויסגעשניטען עהנליך צו א זשוק [האט געדיענט אלס קמיע ביי די פארצייטיגע מצריים].

Scarab

scarabæ'us *n.* (סקער-ע-בי'-אס) א סקאראבעאוס [אזא זשוק אדער קעפער]; אן עדעלשטיין אויסגעשניטען אין דער פארם פון א זשוק. ז. *scarab*

scar'abee *n.* (סקער'-ע-ביע) ז. *scarab*

scar'aboid *a. and n.* (סקער'-ע-באיד) עהנליך צו א זשוק אדער סקאראבעאוס; א בעציערונג אדער קמיע אין דער פארם פון א זשוק, נאכגעמאכט נאך די מוסטערען פון די פארצייטיגע מצריים. ז. *scarab*

scarce *a. and adv.* (סקעהרס) 1. קנאפ, וועניג; 2. זעלטען, וואס מען טרעפט זעלטען; 3. וואס צייכענט זיך אויס מיט מאנגעל [הויפטזעכליך אין לעבענס=נויטווענדיגקייטען]; 4. קוים.
1. Food is very **scarce** in primitive communities. 2. He is a collector of **scarce** books. 4. I have a **scarce** twenty dollars in my pocket.

scarce'ly *adv.* (סקעהרס'-לי) 1. קוים; 2. מיט מיה.
1. I can **scarcely** recognize him in the distance.

scarce'ly an'y (סקעהרס'-לי ענ'-אי) כמעט גאר נישט, כמעט קיינער.

scarce'ly ev'er (סקעהרס'-לי עוו'-ער) כמעט קיינמאל ניט.

scarce'ness *n.* (סקעהרס'-נעס) קנאפקייט, וועניגקייט, מאנגעלהאפטיגקייט, מאנגעל, נויט; זעלטענהייט.

scar'city *n.* (סקעהר'-סי-טי) קנאפקייט, וועניגקייט, מאנגעל, נויט.

scare *v. and n.* (סקעהר) דערשרעקען, אנווארפען א שרעק; זיך דערשרעקען; א פלעצליכער שרעק [הויפטזעכליך א גרונדלאזער אדער צוליעב א נארישקייט].

scare away' (סקעהר ע-הוויי') אבשרעקען, פערטרייבען דורך אבשרעקען.

scare'crow *n.* (סקעהר'-קראו) א סטראשידלע, א שרעק=בילד, א טשוטשעלע [א פיגור אבצושרעקען פויגלען].

scare up (סקעהר אפ) געפינען; אויפדעקען.

scarf *n. and v.* (סקאַרף) אַן איינשניט, אַ קריץ, אַ רינווע; אַ גראַבען; אַ פערבינדונג פון צוויי האָלץ=שטיקער דורך אויסשניטע, וועלכע פּאַסען זיך אַריין איינער אין אַנדערען; אַ שערפּע, אַ שאַרף, אַ לענטע, אַ בינדע, אַ האַלז=טוך, אַ קראַוואַט, אַ שאַל; מאַכען אויסשניטע אין שטיקער האָלץ זיי צו פערבינדען; פעראייניגען צוויי שטיקער האָלץ דורך אויסשניטע וואָס פּאַסען זיך אַריין איינער אין דעם אַנדערען; אַראָבנעהמען די הויט און די פעטס פון אַ וואַלפיש; איינוויקלען ווי אין אַ שערפּע אָדער שאַל; בעדעקען ווי מיט אַ שאַל.

scarfed *a.* (סקאַרפט) בעפּוצט מיט אַ שערפּע אָדער לענטע.

scar'fing *n.* (סקאַר'-פינג) דאָס אַרונטערציהען די הויט און די פעטס פון אַ וואַלפיש; דאָס פערבינדען צוויי שטיקער האָלץ דורך אויסשניטע, וועלכע פּאַסען זיך אַריין איינע אין די אַנדערע.

scarf'-joint *n.* (סקאַרפ'-דזשאָינט) אַ פערבינדונג פון צוויי שטיקער האָלץ דורך אויסשניטע, וועלכע פּאַסען זיך אַריין איינע אין די אַנדערע.

scarf'-pin *n.* (סקאַרפ'-פין) אַ קראַוואַט=נאָדעל, אַ האַלז=טוך שפּילקע.

scarf'-skin *n.* (סקאַרפ'-סקין) די אויבערשטע הויט.

scarf'wise *adv.* (סקאַרפ'-הוואַיז) אַזוי ווי אַ שערפּע אָדער לענטע.

scarifica'tion *n.* (סקער-אי-פי-קיי'-שאַן) דאָס מאַכען לייכטע איינשניטע אין דער הויט אום אָבצוצאַפּען בלוט.

scar'ificator *n.* (סקער'-אי-פי-קיי-טאָר) איינער וואָס מאַכט איינשניטע אין דער הויט אום אָבצוצאַפּען בלוט; אַן אינסטרומענט וואָס ווערט בענוצט צו מאַכען איינשניטע אין דער הויט אָבצוצאַפּען בלוט.

scar'ifier *n.* (סקער'-אי-פאַי-ער) איינער וואָס מאַכט איינשניטע אין דער הויט אום אָבצוצאַפּען בלוט; אַן אינסטרומענט פאַר דיעזען צוועק; אַן אונטערגרונד=פּלוג [אַזאַ מאַשין ענליך צו אַן אַקער=אייזען, וואָס צושניידט בלויז די ערד אָבער אַקערט זי ניט אויף].



Scarifier

scar'ify *v.* (סקער'-אי-פאַי) צוקראַצען אָדער צושניידען די הויט, לייכט צושניידען די הויט אום אָבצוצאַפּען בלוט אָדער אייטער [פלאַגמע]; צושניידען די ערד מיט אַן אונטערגרונד=פּלוג [ז. *scarifier*]; מאַכען אַ שניידיגע בעמערקונג, אַריינשניידען מיט אַ וואָרט.

sca'riose *a.* (סקיי'-רי-אָוס) ז. ***scarious***

sca'rious *a.* (סקיי'-רי-אַס) דין, טרוקען, הויטיג [וועגען פלאַנצען].

scarlati'na *n.* (סקאַר-לע-טי'-נאַ) סקאַרלאַטין, שאַרלאַך=פיבער.

scarlati'nal *a.* (סקאַר-לע-טי'-נעל) וואָס איז שייך צו אָדער וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון סקאַרלאַטין.

scarlati'niform *a.* (סקאַר-לע-טי'-ני-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון סקאַרלאַטין.

scarlati'nous *a.* (סקאַר-לע-טי'-נאַס) וואָס איז שייך צו אָדער וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון סקאַרלאַטין.

scar'less *a.* (סקאַר'-לעס) אָהן נאַרבען אָדער שראַמען [סמנים פון פערוואַקסענע וואונדען]; ניט פערוואונדעט.

scar'let *n. and a.* (סקאַר'-לעט) שאַרלאַך=קאָליר, שאַרלאַך=פאַרב [אַ בריליאַנט=רויטער קאָליר]; קליידער=שטאָף פון שאַרלאַך=קאָליר; שאַרלאַך=רויט, בריליאַנט=רויט; וואָס טראָגט שאַרלאַך=רויטע קליידער. ז. איל. ***"Colors"***

scar'let-faced *a.* (סקאַר'-לעט-פייסט) וואָס האָט אַ זעהר רויטען פּנים.

scar'let fe'ver (סקאַר'-לעט פי'-ווער) סקאַרלאַטין, שאַרלאַך=פיבער.

scar'let i'bis (סקאַר'-לעט אי'-ביס) דער רויטער איביס [אַזאַ גרויסער שאַרלאַך=רויטער פויגעל אין די הייסע געגענדען פון אַמעריקאַ]. ז. ***ibis***

scar'let snake (סקאַר'-לעט סנייק) אַזאַ אונגיפטיגע העל=רויטע שלאַנג מיט שוואַרצע און ווייסע רינגען, וועלכע געפינט זיך אין די זידליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ.

scar'let tan'ager (סקאַר'-לעט טענ'-ע-דזשער) אַזאַ העל=רויטער פויגעל מיט שוואַרצע פליגלען, וועלכער געפינט זיך אין די וואַרימע געגענדען פון אַמעריקאַ. ז. איל. ***"Birds of the U. S."***

scarp *n. and v.* (סקאַרפּ) אַ משופּע'דיגע אָבגראָבונג פאַר אַ פעסטונג; אָבגראָבען שטאַרק משופּע'דיג, אַז מען זאָל ניט קענען אַריבערגעהן.

scarped *a.* (סקאַרפּט) שטאַרק משופּע'דיג, ווי אַן אָבגראָבונג פאַר אַ פעסטונג.

scar'ry *a.* (סקאַר'-אי) מיט שראַמען, מיט נאַרבען [צייכענס פון פערהיילטע וואונדען]; פול מיט ריצען.

sca'rus *n.* (סקיי'-ראַס) דער ים=פּאַפּוגאַי [אַזאַ פיש].

scar'y *a.* (סקעהר'-אי) דערשראָקען; וואָס דערשרעקט; מורא'דיג; פורכטזאַם.

scat *n., v. and int.* (סקעט) שאָדען, פערלוסט; אַ טאַקסע, אַ שטייער; לאַנד=שטייער; אַוועקטרייבען שרייענדיג "סקעט" [ווי מען טרייבט אַוועק אַ קאַץ]; אַוועק, שקיץ [אַן אויסגעשריי אַוועקצוטרייבען אַ קאַץ].

scatch *n.* (סקעטש) אַ זאָרט מויל=אייזענדעל פון דעם צוים פון אַ פערד.

scatch'mouth *n.* (סקעטש'-מאַוטה) ז. ***scatch***

scathe *v. and n.* (סקייטה) שעדיגען; צוקאַליעטשען, פערוואונדען; אַ שאָדען, שעדיגונג.

scathe'ful *a.* (סקייטה'-פול) שעדליך, פערדערבליך.

scathe'fulness *n.* (סקייטה'-פול-נעס) שעדליכקייט, פערדערבליכקייט.

scathe'less *a.* (סקייטה'-לעס) אונשעדליך.

scath'fulness *n.* (סקעטה'-פול-נעס) ז. ***scathefulness***

sca'thing *a. and n.* (סקיי'-טהינג) שעדיגענד, שעדליך; אַ שאָדען; דאָס מאַכען שאָדען.

sca'thingly *adv.* (סקיי'-טהינג-לי) שעדיגענדיג; מיט שאָדען, מיט שעדליכקייט.

scath'less *a.* (סקעטה'-לעס) ז. ***scatheless***

scat'omancy *n.* (סקעט'-אָ-מענ-סי) דאָס נביאות=זאָגען אָדער דאָס בעשטימען אַ קראַנקהייט לויט די עקסקרעמענטען [צאָה].

scat'ophage *n.* (סקעט'-אָ-פיידזש) אַ חיה וואָס שפּייזט זיך פון צאָה [עקסקרעמענטען].

scatoph'agous *a.* (סקע-טאָפ'-ע-גאַס) וואָס שפּייזט זיך מיט עקסקרעמענטען [צאָה].

scat'oscopy *n.* (סקעט'-אָ-סקאָו-פּי) אונטערזוכונג פון די עקסקרעמענטען [צאָה], אום דורך דעם צו בעשטימען אַ קראַנקהייט אָדער אום פאָרויסצוזאָגען די צוקונפט.

scatt *n.* (סקעט) אַ שטייער; אַ לאַנד=שטייער.

scat'ter *v.* (סקעט'-ער) 1. צוזייהען, צושטרייען; פאַנאַנדעריאָגען אָדער פאַנאַנדערטרייבען אויף אַלע זייטען; 2. אויסשטרייען, פערברייטען, פערשפּרייטען; 3. בעשיטען, בעשטרייען; זיך צושטרייען; זיך פערברייטען, זיך צושפּרייטען.

1. They scattered the enemy's forces. 2. The Jews are scattered in all parts of the world.

scattera'tion *n.* (סקעט-ע-ריי'-שאַן) אַ צושטרייאונג אָדער פאַנאַנדערטרייבונג אין אַלע זייטען.

scat'terbrain *n.* (סקעט'-ער-בריין) אַ צומומעלטער מח; אַ מענש וואָס קען ניט ערנסט דורכטראַכטען אַ זאַך, אַ צושטרייטער מענש.

scat'ter-brained *a.* (סקעט'-ער-בריינד) מיט אַ צומומעלטען מח; צושטרייט.

scat'tered *a.* (סקעט'-ערד) צוזייהט, צושפּרייט; צושטרייט; פאַנאַנדערגעטיילט, פאַנאַנדערגעוואָרפען, ניט אין אָרדנונג; אין באָטאַניק — וואָס איז ניט אין דער אָרדנונג, וואָס איז ניט רעגולער.

scat'teredly *adv.* (סקעט'-ערד-לי) צושטרייט, צושיעדען.

scat'terer *n.* (סקעט'-ער-ער) אַ צושטרייער, אַ פערברייטער, אַ פאַנאַנדערשפּרייטער.

scat'tergood *n.* (סקעט'-ער-גוד) אַ פערשווענדער, אַן אויסברייננער.

scat'tering *a. and n.* (סקעט'-ער-אינג) 1. צוזייהט, צושטרייט, צושפּרייט; 2. פאַנאַנדערגעוואָרפען, ניט אין דער אָרדנונג; 3. וואָס קומט פאַר זעלטען; 4. צושפּליטערט; 5. דאָס צוזייהען אָדער צושפּרייטען; דאָס צושפּליטערען; 6. דאָס צוזייהטע אָדער צושפּרייטע; 7. אַ שפּליטער; 8. אַ ניט=רעגעלמעסיגע רעפלעקציאָן פון ליכט=שטראַהלען פון אַ ניט=גלאַטער פלעכע.

4. The number of scattering votes was very large.

scat'teringly *adv.* (סקעט'-ער-אינג-לי) צוזייהט און צושפּרייט.

scat'terling *n.* (סקעט'-ער-לינג) אַן אַרומטרייבער, אַ בראָדיאַגע, אַ מענש אָהן אַ היים.

scaup *n.* (סקאָהפּ) אַ ים=קאַטשקע, אַ ים=ענטעל.

scaup'-duck *n.* (סקאָהפּ'-דאַק) ז. ***scaup***

scau'per *n.* (סקאָה'-פּער) אַזאַ דלאָטפערמיגעס געצייג וואָס ווערט געברויכט פון גראַווירער צו גראַווירען ליניען.

scav'agery *n.* (סקעוו'-עדזש-רי) גאַסען=רייניגונג; דאָס רייניגען די גאַסען פון שמוץ.

scav'aging *n.* (סקעוו'-עדזש-אינג) גאַסען=רייניגונג.

scav'enge *v.* (סקעוו'-ענדזש) רייניגען אָדער ראַמען די גאַסען.

scav'enger *n.* (סקעוו'-ען-דזשער) אַ מיסט=ראַמער, אַ גאַסען=קעהרער, אַ גאַסען=רייניגער; אַ קינד וואָס איז בעשעפטיגט

אין א באוועל⸗שפינערייי אויפצוקלייבען פון דעם דיל אראבגעפאלענע באוועל.

scav'engering *n.* (סקעוו'-ענ-דזשער-אינג) גאסען⸗ריינינונג; דאס קעהרען די גאסען.

scav'engerism *n.* (סקעוו'-ענ-דזשער-איזם) גאסען⸗ריינינונגס ארבייט.

scav'engery *n.* (סקעוו'-ענ-דזשער-אי) ז. ***scavagery***

scav'enging *n.* (סקעוו'-ענ-דזשינג) גא⸗סען⸗ריינינונג; דאס קעהרען די גאסען.

Sc. B. אבקירצונג פון די ווערטער ***Scientiæ Baccalaureus*** [באקאלא⸗רעאוס פון נאטור⸗וויסענשאפטען, אן אקא⸗דעמישער טיטול].

Sc. D. אבקירצונג פון די ווערטער ***Doctor of Science*** [דאקטאר פון נאטור⸗וויסענשאפטען, אן אקאדעמ'ישער טיטול].

sceman'do *a. and adv.* (שע-מענ'-דא) אין מוזיק — ביסלעכווייז פערקלענערענד דעם קלאנג. ז. ***diminuendo***

sce'na *n.* (סיע'-נא) א סצענע, א טע⸗אטער⸗ביהנע [אין א פארצייטינען גריכי⸗שען אדער רוימישען טעאטער].

sce'na *n.* (שיי'-נא) אן אפערא⸗סצענע; אן אפערא⸗סאלא [מעהרסטענטייל אין רע⸗טשיטאטיוו, ד. ה. האלב⸗זינגענדיג, האלב⸗דעקלאמירענדיג].

scena'rio *n.* (שע-נא'-רי-או) דאס סצע⸗נאריום [א קורצער אינהאלט מיט דער בעשרייבונג פון די דעקאראציאנען און אנווייזונגען פאר די אקטיארען ווען און ווי צו ערשיינען אויף דער ביהנע].

scend *v. and n.* (סענד) זיך אויפהוי⸗בען אין דער הויך ווי א שיף אויף א כוואליע; דאס הויבען זיך פון א שיף אויף די כוואליעס.

scene *n.* (סיען) א סצענע; א פארשטע⸗לונג; איין פאסירונג אדער האנדלונג פון א גאנצער סעריע; א טייל פון א טעא⸗טער⸗שטיק אדער א טייל פון אן אקט אין א טעאטער⸗שטיק; א טעאטער⸗ביהנע; א שוי⸗פלאץ, א פלאץ וואו עטוואס קומט פאר אדער פאסירט; א לאנדשאפט.

scene'-man *n.* (סיענ'-מען) א טעאטער⸗מאשיניסט, א ביהנען⸗ארבייטער, איינער וואס שטעלט אויף אדער שטעלט איבער די דעקאראציאנען און די קוליסען אויף דער ביהנע.

scene'-pain'ter *n.* (סיענ'-פיינ'-טער) א דעקאראציאנס⸗מאלער [איינער וואס מאלט די דעקאראציאנען פאר א טעא⸗טער].

scene'-pain'ting *n.* (סיענ'-פיינ'-טינג) דעקאראציאנס⸗מאלעריי.

sce'nery *n.* (סיע'-נער-אי) די סצענע⸗ריע, די דעקאראציאנען און די אויסשטא⸗טונג פון דער ביהנע; די פערטיילונג און די אויפפיהרונג פון די סצענעס פון א טעאטער⸗שטיק; א פארשטעלונג; א לאנד⸗שאפט.

scene'-shif'ter *n.* (סיענ'-שיפ'-טער) איינער וואס שטעלט אויף אדער שטעלט איבער די סצענעריע אויף דער ביהנע אין א טעאטער.

sce'nic *a.* (סיע'-ניק) סצעניש, ביהנענ⸗מעסיג, טעאטראליש; מאלעריש, קינסטלע⸗ריש; וואס איז שייך צו ביהנען⸗סצענע⸗ריע.

sce'nical *a.* (סיע'-ני-קעל) ז. ***scenic***

sce'nically *adv.* (סיע'-ני-קעל-אי) אויף א סצענישען אדער טעאטראלישען אופן; אויף א מאלערישען אדער קינסט⸗לערישען שטייגער.

scenog'rapher *n.* (סי-נאג'-רע-פער) א סצענאגראף, א ביהנען⸗מאלער, א פער⸗ספעקטיוו⸗מאלער.

scenograph'ic *a.* (סיע-נא-גרעפ'-איק) סצענאגראפיש, פערספעקטיוויש, וואס איז שייך צו ביהנען⸗מאלעריי.

scenograph'ical *a.* (סיע-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***scenographic***

scenograph'ically *adv.* (סיע-נא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א סצענאגראפי⸗שען שטייגער, אין פערספעקטיוו, אויף דעם אופן פון ביהנען⸗מאלעריי.

scenog'raphy *n.* (סי-נאג'-רע-פי) סצענאגראפיע, ביהנען⸗מאלעריי, פערספעק⸗טיוו⸗מאלעריי.

scent *n. and v.* (סענט) א ריח, א גע⸗רוך; א געשמאקער ריח; פארפיום; א שפור פון א חיה; שמעקען; ריכען; שפירען; האבען א גערוך אדער ריח; מא⸗כען שמעקעדיג; מאכען עס זאל האבען א ריח; נאכשפירען א חיה נאך'ן גערוך.

scent'-bag *n.* (סענט'-בעג) דאס זעקעל ביי געוויסע חיות וואס ענטהאלט אזא רי⸗כענדען שטאף [ווי ביי הירשען, ביבערס, טכוירען א. ד. ג.]; א זעקעל וואס ענט⸗האלט א ריכענדען שטאף, וואס ווערט בע⸗נוצט אין יאגד אויף פוקסען.

scent'-bot'tle *n.* (סענט'-באט'ל) א פאר⸗פיומע⸗פלעשעלע.

scent'-box *n.* (סענט'-באקס) א פארפיום⸗קעסטעלע.

scen'ted *a.* (סענ'-טעד) וואס האט א געשמאקען ריח; ריכענד.

scent'ful *a.* (סענט'-פול) וואס האט א גוטען ריח; שטארק ריכענד אדער דופ⸗טענד.

scent'-hol'der *n.* (סענט'-האול'-דער) א פארפיום⸗האלטער, א פארפיום⸗פלע⸗שעל.

scent'less *a.* (סענט'-לעס) אהן ריח, אהן גערוך.

scep'sis *n.* (סקעפ'-סיס) ז. ***skepsis***

scep'ter *n. and v.* (סעפ'-טער) א סצעפ⸗טער [אזא קורצער קעניגליכער שטאק אלס צייכען פון הערשאפט]; די קעניגליכע מאכט; געבען א סצעפטער, געבען קעניג⸗ליכע מאכט.

scep'tered *a.* (סעפ'-טערד) וואס טראגט א סצעפטער, קעניגליך.

scep'terless *a.* (סעפ'-טער-לעס) אהן א סצעפטער. ז. ***scepter***

scep'tic *n. and a.* (סקעפ'-טיק) ז. ***skeptic***

scep'tical *a.* (סקעפ'-טי-קעל) ז. ***skeptical***

scep'tre *n. and v.* (סעפ'-טער) ז. ***scepter***

scep'tred *a.* (סעפ'-טערד) ז. ***sceptered***

scep'treless *a.* (סעפ'-טער-לעס) ז. ***scepterless***

schah *n.* (שא) דער שאך [דער הערשער פון פערזיען]. ז. ***shah***

sched'ule *n. and v.* (סקעד'-יול) א צע⸗טעל, א פערצייכניס, א ליסטע, א צוזאץ⸗ליסטע צו א דאקומענט; מאכען א ליס⸗טע; צושטעלען אדער פערצייכענען אויף א ליסטע.

sched'ule of pri'ces (סקעד'-יול אוו פראי'-סעז) א פרייז⸗ליסטע.

schee'lite *n.* (שיע'-לאיט) דער שווער⸗שטיין [א מין זעהר שווערער מינעראל].

scheik *n.* (שייק) ז. ***sheik***

sche'ma *n.* (סקי'-מא) א סכעמע, אן אנ⸗צייכנונג פון א זאך אין אלגעמיינע שטרי⸗כען; א פלאן, אן ענטוואורף; שווארצע מאנאכען⸗קליידער [ביי די פראוואסלאווי⸗נע קריסטען]; אין פילאזאפיע — א סכעמא, אן אבסטראקטע פארשטעלונג, וועלכע איז א צווישען⸗שטופע צווישען א קאנקרעטער זאך און אן אלגעמיינעם בע⸗גריף.

schemat'ic *a.* (סקי-מעט'-איק) סכעמא⸗טיש; געמאכט לויט א געוויסער סכעמע אדער סיסטעם; וואס איז אין אנקלאנג מיט א געוויסען פלאן אדער סדר; וואס שטעלט מיט זיך פאר א געוויסען טיפ.

schemat'ically *adv.* (סקי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א סכעמאטישען שטייגער; אין אלגעמיינע שטריכען.

sche'matise *v.* (סקי'-מע-טאיז) ז. ***schematize***

sche'matism *n.* (סקי'-מע-טיזם) אין פילאזאפיע — דער סכעמאטיזם, א סיס⸗טעם פון סכעמען אדער אבסטראקטע פאר⸗שטעלונגען, וועלכע דיענען אלס צווישען⸗שטופען צווישען עמפפינדונגען פון קאנ⸗קרעטע זאכען און אלגעמיינע בעגריפען; אין אסטראלאגיע — די פיגור פון די אספעקטען [די פארמען פון די בעציהונ⸗גען צווישען די הימלישע קערפער]; אין לאגיק — די צוטיילונג פון א סילאגיזם אין בעזונדערע פיגורען.

sche'matist *n.* (סקי'-מע-טיסט) איינער וואס טראגט זיך ארום מיט פלענער; א פראיעקטען⸗מאכער.

sche'matize *v.* (סקי'-מע-טאיז) מאכען א סכעמע; אנווארפען אדער אנצייכנען די אלגעמיינע שטריכען פון עפעס; דענ⸗קען דורך סכעמען אדער אבסטראקטע פאר⸗שטעלונגען. ז. ***schema***

scheme *n. and v.* (סקים) א סכעמע, א פלאן, א פראיעקט; א סיסטעם; אן ענט⸗וואורף; א ציעל, א מיין, א כונה; פרא⸗יעקטירען, מאכען א פלאן.

scheme'ful *a.* (סקימ'-פול) פול מיט פלענער.

sche'mer *n.* (סקי'-מער) א פלאנען⸗מא⸗כער, א פראיעקטען⸗מאכער.

sche'ming *a.* (סקי'-מינג) וואס מאכט א סכעמע; פלאנירענד.

sche'mingly *adv.* (סקי'-מינג-לי) מא⸗כענדיג פלענער; דורך א סכעמע, דורך א סיסטעם אדער פלאן.

sche'mist *n.* (סקי'-מיסט) איינער וואס מאכט פלענער, איינער וואס טרעט ארום מיט פראיעקטען; אן אסטראלאג, א שטע⸗רען⸗זעהער, א טרעפער.

sche'my *a.* (סקי'-מי) קלוג, מיט איינ⸗פעלע, מיט המצאות.

schene *n.* (סקין) אן אלט⸗עגיפטישע לענ⸗גען⸗מאס [אונגעפעהר פיער מייל].

scher'if *n.* (שער'-איף) ז. ***sheriff***

scherzan'do *a.* (סקער-טסאנ'-דא) אין מוזיק — לעבעדיג, מונטער [ווענען דער ארט פון שפיעלען געוויסע מוזיקאלישע שטיקער].

scher'zo *n.* (סקער'-טסא) אין מוזיק — סקערצא, אן ארט לייכטער, לעבהאפטער איבערגאנג אין שפיעלען א מוזיקאליש שטיק.

Schiedam' *n.* (סקי-דעם') אזא האלענדי⸗שער שנאפס.

schil'ler *n.* (שיל'-ער) א ספעציפישער שיין, וועלכען עס לאזען ארויס פון זיך געוויסע מינעראלען.

schism *n.* (סיזם) א שפאלטונג, א פאנאנ⸗דערטיילונג; א שפאלטונג אין דער קירך, וואס קומט פאר צוליעב געוויסע מיינונגס⸗פערשיעדענהייטען אין אמונה⸗פראגען;

דאס זוכען צו מאכען א שפאלטונג אין דער קירך; א סעקטע וואס האט זיך אבגעטיילט פון דער הערשענדער קירך.

schismat'ic *a. and n.* (סיז-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א שפאלטונג אין דער קירך; אבטריניג; וואס שפאלט זיך אב פון דער הערשענדער קירך אדער פון א סעקטע; איינער וואס טיילט זיך אב פון דער קירך צוליעב רעליגיעזע מיינונגס-פערשיעדענהייטען.

schismat'ical *a.* (סיז-מעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א שפאלטונג אין דער קירך; אבטריניג; וואס שפאלט זיך אב פון דער הערשענדער קירך.

schismat'ically *adv.* (סיז-מעט'-אי-קעל-אי) דורך שפאלטונג.

schismat'icalness *n.* (סיז-מעט'-אי-קעל-נעס) אבטריניגקייט, א קירכען-שפאלטונג.

schis'matize *v.* (סיז'-מע-טאיז) פערורזאכען א שפאלטונג אין דער קירך.

schist *n.* (שיסט) א פעלז, וואס שפאלט זיך אויף דינע פלאטען, א שיעפער-שטיין.

schista'ceous *a.* (שיס-טיי'-שיאס) אין זאאלאגיע און באטאניק — בלויליך-גרוי.

schis'tic *a.* (שיס'-טיק) ווי שיעפער-שטיין, שיעפער-פערמיג, שיעפער-ארטיג.

schis'tify *v.* (שיס'-טי-פאי) מאכען עהנליך צו שיעפער-שטיין [אז עס זאל זיך שפאלטען אין דינע פלאטען].

sea'-wolf *n.* (סיע'-הוואולף) דער ים־וואלף אדער וואלף־פיש [אזא פיש]; דער ים־עלפאנט, דער ים־לייב [אזעלכע ים־הינד]; א ים־רויבער.

sea'wore *n.* (סיע'-הוואור) ז. ***seaware***

sea'-worm *n.* (סיע'-הוואירם) א ים־ווארים.

sea'-worm'wood *n.* (סיע'-הוואירמ'-הוואוד) אזא פלאנצע וואס וואקסט ביי ים־ברעגען אין אייראפא און נארד־אפריקא.

sea'-worn *a.* (סיע'-הוואורן) אבגעריבען אדער בעשעדיגט פון ים.

sea'worthiness *n.* (סיע'-הוואיר-טהי-נעס) דאס זיין גוט אויסגעשטאטעט פאר א ים־רייזע [ווענען א שיף].

sea'worthy *a.* (סיע'-הוואיר-טהי) גוט אויסגעשטאטעט פאר א ים־רייזע [ווענען א שיף].

sea'-wrack *n.* (סיע'-רעק) א מין ים־גראז; ים־גראזען וואס ווערען ארויסגע־ווארפען פון די כוואליעס אויף'ן ברעג.

seba'ceous *a.* (סי-ביי'-שיאס) פעטיג, חלב'דיג.

seba'ceous glands (סי-ביי'-שיאס גלענדז) די פעט־דריזען [אין קערפער].

sebac'ic *a.* (סי-בעס'-איק) אין כע־מיע — וואס איז שייך צו אדער וואס בע־קומט זיך פון פעטס.

sebac'ic ac'id (סי-בעס'-איק עס'-איד) פעט־זויערע, א זויערע וואס בעקומט זיך פון דעם פליסיגען בעשטאנד־טייל פון פעטס.

Se'-Bap'tist *n.* (סי'-בעפ'-טיסט) איי־נער וועלכער טויפט זיך אליין [לויט די קריסטליכע מנהגים דארף מען נעטויפט ווערען פון אן אנדערען].

Sebat' *n.* (סע-בעט') דער חודש שבט.

se'bate *n.* (סי'-בייט) פעט־זויער זאלץ, א זאלץ וואס בעקומט זיך פון פעט־זויערע.

sebes'tan *n.* (סי-בעס'-טען) ז. ***sebesten***

sebes'ten *n.* (סי-בעס'-טען) א מין בוים פון די טראפישע לענדער מיט פלוימען־עהנליכע פרוכטען.

se'bic *a.* (סי'-ביק) ז. ***sebacic***

sebif'erous *a.* (סי-ביפ'-ע-ראס) ז. ***sebaceous***

sebil'la *n.* (סי-ביל'-א) א הילצערנע שי־

סעל פאר זאמד און וואסער וואס ווערט בענוצט ביים זעגען, רייבען אדער פאליִרען שטיינער.

sebip'arous *a.* (סי-ביפ'-ע-ראס) וואס לאזט ארויס א פעטקייט [ווי א פעט=דריזע].

seborrhe'a *n.* (סעב-א-רי'-א) א קראנקהייט פון די פעטס=דריזען, דורך וועלכער דער קערפער בעדעקט זיך אפט מיט א מין פעטקייט.

seborrhœ'a *n.* (סעב-א-רי'-א) ז. ***seborrhea***.

Sebuæ'an *n.* (סעב-יו-אי'-ען) איינער פון א סעקטע שומרונים אדער סאמאריטאנער, וועלכע פייערען ימים=טובים אין אנדערע דאטען ווי עס פאדערט דער אידישער דין.

se'bum *n.* (סי'-באם) סעבום, די אויסטיילונג פון די פעטס=דריזען [אין קערפער].

sebun'dee *n.* (סי-באנ'-דיע) אן אינדישער רעזערוו=סאלדאט [אין דער ענגלישער ארמעע], וועלכער דיענט אין דער לאקאלער פאליציי.

sebun'dy *n.* (סי-באנ'-די) ז. ***sebundee***.

secabil'ity *n.* (סעק-ע-ביל'-אי-טי) טיילבארקייט, דאס קענען פאנאנדערגעטיילט ווערען.

Seca'le *n.* (סי-קיי'-לי) א מין קארן.

se'cancy *n.* (סי'-קענ-סי) אין מאטעמאטיק — דאס שניידען, איבערשניידונג [ווי למשל, פון איין ליניע מיט א צווייטער].

se'cant *a. and n.* (סי'-קענט) שניידענד, צוטיילענד; די שניט=ליניע, א ליניע וואס שניידט דורך א פיגור; אין טריגאנאמעטריע — די סעקאנטע [א ליניע פון צענטער פון א קרייז, וועלכע ציהט זיך פארביי איין ענד=פונקט פון אן ארק פון דיעזען קרייז און שניידט זיך איבער אין א געוויסען פונקט מיט דער טאנגענטע אדער מיט דער ליניע, וואס ציהט זיך פארביי דעם צווייטען ענד=פונקט פון דעם ארק].



Secant

secede' *v.* (סי-סיד') זיך צוריקטרעטען, זיך צוריקציהען; זיך אבווארפען, זיך אבזונדערען, זיך אבשיידען [פון א פאליטישער אדער רעליגיעזער ארגאניזאציאן].

In 1861 eleven states seceded from the United States.

sece'der *n.* (סי-סי'-דער) א דיסידענט, איינער וואס טיילט זיך אב פון זיין סעקטע אדער פון אן ארגאניזאציאן.

Sece'der *n.* (סי-סי'-דער) איינער פון די שאטלענדישע דיסידענטען אדער אבטריניגע, וועלכע האבען זיך אבגעטיילט אין יאהר 1732 פון דער פרעסביטעריאנישער קירך.

secern' *v.* (סי-סוירן') אבזונדערען, אבטיילען, אויסטיילען; אונטערשיידען, אויסצייכנען; אין פיזיאלאגיע — אויסטיילען פערשיעדענע שטאפען פון קערפער.

secer'nent *a. and n.* (סי-סויר'-נענט) אבזונדערענד, אבשיידענד; אויסטיילענד; אין מעדיצין — א מיטעל ארויסצורופען געוויסע אויסטיילונגען פון קערפער; אן ארגאן וואס דיענט אויסצוטיילען געוויסע שטאפען פון בלוט.

secern'ment *n.* (סי-סוירנ'-מענט) די אבזונדערונג אדער אויסטיילונג פון קערפער.

seces'sion *n.* (סי-סעש'-אן) די טרענונג, די אבשיידונג, א פארמאלע אבשפאלטונג אדער אבטיילונג פון א פאליטישער אדער קירכליכער ארגאניזאציאן.

Seces'sion Church (סי-סעש'-אן טשוירטש) א קירכליכע ארגאניזאציאן אין שאטלאנד, וועלכע האט זיך אבגעטיילט פון דער פרעסביטעריאנישער קירך אין מיטען פון 18טען יאהרהונדערט.

seces'sionism *n.* (סי-סעש'-אנ-איזם) דער פרינציפ, אז א פערזאן אדער אן ארגאניזאציאן האט דאס רעכט פארמאל זיך אבצושפאלטען אדער אבצוטיילען פון א פאליטישער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

seces'sionist *n.* (סי-סעש'-אנ-איסט) איינער וואס האלט פון דעם רעכט זיך צוריקצוציהען פון א פאליטישער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער וואס האט סימפאטיזירט אדער מיטגעהאלפען דער שטרעבונג פון איינינע דרום=שטאאטען אין די יאהרען 1860—65 אבצושפאלטען זיך פון דעם אלגעמיינעם שטאאטען=פערבאנד.

Se'chium *n.* (סי'-קי-אם) א מין זיד=אמעריקאנישע קירבעס=פלאנצען.

seck'el *n.* (סעק'-על) אזא זארט קליינע געשמאקע בארנע, וועלכע ווערט רייף ענדע אקטאבער און וועלכע האלט זיך גוט נור א קורצע צייט.

seclude' *v.* (סי-קלוהד') אבזונדערען; אויסשליסען.

seclu'ded *a.* (סי-קלוה'-דעד) אבגעשיידט; דערווייטערט [פון אנדערע]; אבגעזונדערט.

The house was situated in a secluded part of the town.

seclu'dedly *adv.* (סי-קלוה'-דעד-לי) אויף אן אבגעזונדערטען אופן.

seclu'sion *n.* (סי-קלוה'-זשאן) די אבגעשיידענקייט, די אבגעזונדערטקייט, די איינזאמקייט; אן איינזאמער פלאץ.

seclu'sionist *n.* (סי-קלוה'-זשאנ-איסט) איינער וואס האלט פון איינזאמקייט אדער איינגעשלאסענקייט; איינער וואס האלט פון דער טאקטיק ניט צו מישען זיך מיט אנדערע.

seclu'sive *a.* (סי-קלוה'-סיוו) אבזונדערענד, וואס האלט אבגעזונדערט, וואס האלט זיך אין אבגעשלאסענקייט אדער איינזאמקייט.

seclu'sively *adv.* (סי-קלוה'-סיוו-לי) אויף אן אויסשליסענדען, אבזונדערענדען אדער איינזאמען שטייגער.

sec'ond *a., n. and v.* (סעק'-אנד) וואס איז דער צווייטער אין ראנג, אין וויכטיגקייט, אין בעדייטונג; בעהילפיג; גענייגט צו אונטערשטיצען; דער צווייטער; אין מוזיק — די סעקאנדא, די צווייטע סטרונע; דער צווייטער טאן, די צווייטע שטימע, דער צווייטער אינסטרומענט; אן אנדערער, א צווייטער, א נידריגערער; א סעקונדאנט אין א דועל; א רגע, א סעקונדע, א זעכציגסטעל פון א מינוט; נאכפאלגען; אונטערשטיצען, העלפען; אונטערשטיצען א פארשלאג.

sec'ond-ad'ventist *n.* (סעק'-אנד-עד'-וועג-טיסט) איינער וועלכער גלויבט, אז קריסטוס וועט ווידער אמאל קומען אויף דער ערד.

sec'ondarily *adv.* (סעק'-אנ-דע-רי-לי) ניט דירעקט; ניט פון דער ערשטער האנד; צווייטענס.

sec'ondariness *n.* (סעק'-אנ-דע-רי-נעס) נעבען=זעכליכקייט; דאס זיין פון צווייטען גראד אדער פון צווייטען זארט.

sec'ondary *a. and n.* (סעק'-אנ-דע-רי) סעקונדאר, פון א צווייטען אדער נידריגערען קלאס אדער גרופע; פון א צווייטען גראד אדער זארט; אונטערגעארדענט, נעבענזעכליך; אבגעלייטעט, וואס שטאמט פון עפעס אן אנדערען, ניט אורשפרינגליך; אן אבגעארדנעטער, א דעלעגאט; דער צווייטער אין ראנג; דאס צווייטע אין בעדייטונג; די שוואונג=פעדער פון צווייטען גראד אין פליגעל פון א פויגעל; אין מעטעאראלאגיע — א צווייטע לופט=בעוועגונג נעבען דער ערשטער, וועלכע בריינגט מיט זיך שטורם און רעגען.

Sec'ondary *n. and a.* (סעק'-אנ-דע-רי) אין געאלאגיע — די סעקונדאר=צייט אדער מעזאזאאישע ערא [די פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד צווישען דער פאלעאזאאישער און קיינאזאאישער ערא]; וואס איז שייך צו דער סעקונדאר=צייט.

sec'ondary cause (סעק'-אנ-דע-רי קאהז) די נעבען=אורזאכע [אן אורזאכע וואס העלפט דער הויפט=אורזאכע, ווירקענדיג טיילווייז אויף'ן רעזולטאט].

sec'ondary cir'cle (סעק'-אנ-דע-רי סוירקל) אין אסטראנאמיע — דער ווערטיקאל=קרייז [א גרויסער קרייז פון א ספערע, וועלכער איז פערפענדיקולאר צו אן אנדער קרייז].

sec'ondary col'or (סעק'-אנ-דע-רי קאל'-אר) א סעקונדערע פארב, א פארב צוזאמענגעשטעלט פון צוויי גרונד=פארבען [די גרונד=פארבען זיינען: רויט, בלוי און גרין].

sec'ondary cur'rent (סעק'-אנ-דע-רי קאר'-ענט) אין עלעקטריציטעט — דער סעקונדערער אדער אינדוצירטער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם וואס ווערט ארויסגערופען פון אן אנדער עלעקטרישען שטראם].

sec'ondary educa'tion (סעק'-אנ-דע-רי עד-יו-קיי'-שאן) מיטעלע בילדונג, די ערציהונג וואס מען בעקומט אין א מיטעל=שול, ווי א גימנאזיום אדער רעאל=שול.

sec'ondary ev'idence (סעק'-אנ-דע-רי עוו'-אי-דענס) א צייגניס פון צווייטען גראד [ווי למשל, אין דער פראגע וועגען דעם אינהאלט פון א געוויסען דאקומענט איז דאס ערשטע צייגניס דער דאקומענט אליין. ווען אבער דער דאקומענט אליין איז ניטא, דאן איז דאס עדות=זאגען וועגען זיין אינהאלט א צייגניס פון צווייטען גראד].

sec'ondary fe'ver (סעק'-אנ-דע-רי פי'-ווער) אין מעדיצין — א פיבער וועלכער איז דער רעזולטאט פון אן אנדער קראנקהייט.

sec'ondary plan'et (סעק'-אנ-דע-רי פלענ'-עט) אין אסטראנאמיע — א פלאנעט, וועלכער איז א סאטעליט אדער בעגלייטער פון אן אנדער פלאנעט [ווי די לבנה, וועלכע דרעהט זיך ארום דער ערד אין איהר בעוועגונג ארום דער זון].

sec'ondary qual'ities (סעק'-אנ-דע-רי קהוואל'-אי-טיז) אין אריסטאטעל'ס פילאזאפיע — סעקונדערע אייגענשאפטען אדער אייגענשאפטען פון צווייטען גראד. אריסטאטעל האט געהאלטען, אז די פיער עלעמענטען [פייער, ערד, וואסער און לופט], פון וועלכע, ווי מען האט אמאל אנגענומען, עס בעשטעהט די גאנצע וועלט, בעזיצען פיער הויפט=אייגענשאפטען [הייס און קאלט, פייכט און טרוקען] און 14

סעקונדערע אייגענשאפטען [שווער און לייכט, געדיכט און שיטער, דיק און דין, הארט און ווייך, קלעפיג און ברעקעלדיג, שארסטקע און גלאט, צוזאמענהענגענד און פאנאנדערגעטיילט].

sec'ond-best *a.* (סעק׳-אנד-בעסט) וואס איז דער צווייטער בעסטער [דער ערשטער נאך׳ן בעסטען].

sec'ond cab'in (סעק׳-אנד קעב׳-אין) א קאיוטע פון צווייטען קלאס [אין א שיף].

sec'ond cap'tain (סעק׳-אנד קעפ׳-טיין) א קאפיטאן פון צווייטען ראנג [אין דער פלאטע].

sec'ond child'hood (סעק׳-אנד טשאילד׳-הוד) די צווייטע קינדהייט, עובר בטל [דאס טיעפע אלטער].

sec'ond-class *a.* (סעק׳-אנד-קלעס) פון צווייטען קלאס, פון צווייטען זארט, ניט גענוג גוט.

sec'ond cous'in (סעק׳-אנד קאז׳ן) א גליעדס=שוועסטער=קינד.

sec'onder *n.* (סעק׳-אנ-דער) א העלפער, אן אונטערשטיצער; איינער וואס אונטערשטיצט א פארשלאג.

sec'ond-hand *n. and a.* (סעק׳-אנד-הענד) דער סעקונדע=ווייזער [אויף א זייגער]; געניצט, פון צווייטער האנד; וואס איז בעקומען געווארען צופעליג; וואס האנדעלט מיט געניצטע זאכען.

sec'ond-hand books (סעק׳-אנד-הענד בוקס) געניצטע ביכער.

sec'ond-hand book'seller (סעק׳-אנד-הענד בוק׳-סעל-ער) אן אנטיקוואר, איינער וואס האנדעלט מיט אלטע, געניצטע ביכער.

sec'ond-hand dish (סעק׳-אנד-הענד דיש) אן אונטערגעווארעמטער מיטאג, ניט זעהר פרישע שפייז.

sec'ond-hand knowl'edge (סעק׳-אנד-הענד נאל׳-עדזש) גענאשטע למדנות [דאס וויסען ניט פון דער ערשטער קוועלע].

sec'ondly *adv.* (סעק׳-אנד-לי) צווייטענס, אין צווייטען פלאץ.

sec'ond-mark *n.* (סעק׳-אנד-מארק) אין מאטעמאטיק — א סעקונדע=צייכען [″].

sec'ond mate (סעק׳-אנד מייט) דער אונטער=שטורמאן [איינער פון די העכערע בעאמטע אויף א שיף].

sec'ond na'ture (סעק׳-אנד ניי׳-טשור) די צווייטע נאטור, דאס וואס איז געווארען א געוועהנהייט.

Habit is second nature.

secon'do *n.* (סע-קאנ׳-דאו) אין מוזיק — סעקאנדא, די צווייטע שטימע, דער צווייטער שפיעלער.

sec'ond-rate *a. and n.* (סעק׳-אנד-רייט) פון צווייטען גראד אדער ראנג; דאס וואס רעכענט זיך פון צווייטען זארט.

sec'onds *n.* (סעק׳-אנדז) א זארט גראבע מעהל; סעקונדען; סעקונדאנטען; די צווייטע שטימען אדער אינסטרומענטען. ז. *second*.

sec'ond sight (סעק׳-אנד סאיט) די פעהיגקייט פון געוויסע פערזאנען, וועלכע — ווי זיי בעהויפטען — קענען פארויסזעהן די צוקונפט ווי אויך זעהן זאכען, וועלכע אנדערע קענען ניט זעהן.

sec'ond-sigh'ted *a.* (סעק׳-אנד-סאי׳-טעד) וואס האט אן איבערנאטירליכע פעהיגקייט צו זעהן זאכען, וואס נארמאלע מענשען זעהן ניט.

sec'onds-pen'dulum *n.* (סעק׳-אנדז-פענ׳-דיו-לאם) א פערפענדיקעל אין א זייגער וואס מאכט טיק=טאק יעדע סעקונדע.

sec'ond thoughts (סעק׳-אנד טהאהטס) איבערלעגונג, דער געדאנק נאך איבערלעגונג.

Second thoughts are more correct than the first impressions.

secon'ic *n.* (סי-קאנ׳-איק) א קאנישער טייל אדער אבשניט.

se'crecy *n.* (סי׳-קרע-סי) דאס זיין אין געהיים; פערבארגענהייט; דאס האלטען אין געהיים; די פערשוויגונג; די איינזאמקייט, אבגעזונדערטהייט, צוריקגעצויגענקייט.

se'cret *a. and n.* (סי׳-קרעט) סעקרעטנע, בעהאלטענערהייד; פערבארגען, געהיים; בסוד; צוריקגעצויגען; א סעקרעט; א געהיימניס, א סוד.

secretaire' *n.* (סעק-רע-טעהר׳) א מין שרייב=טיש מיט קעסטלעך אדער שופלאדען ווי א קאמאד.

secreta'rial *a.* (סעק-רי-טע׳-רי-על) סעקרעטאריש, וואס איז שייך צו א סעקרעטאר.

secreta'riat *n.* (סעק-רי-טע׳-רי-עט) ז. *secretariate*.

secreta'riate *n.* (סעק-רי-טע׳-רי-אייט) דאס סעקרעטאריאט, דאס ארט וואו א סעקרעטאר פיהרט אן זיין ארבייט; דאס אמט אדער די אפיציעלע לאגע פון א סעקרעטאר.

sec'retary *n. and a.* (סעק׳-רי-טע-רי) א סעקרעטאר, איינער וואס פיהרט אן די קארעספאנדענץ און אנדערע פונקציאנען פון א געזעלשאפט, פעראיין אדער פון א פריוואט=פערזאן; א מיניסטער; א שרייב=טיש מיט קעסטלעך אדער שופלאדען ווי א קאמאד; אין דרוקעריי — א מין דרוק=שריפט אין דער פארם פון א שעהנער האנד=שריפט; דער סעקרעטאר=פויגעל [ז. *secretary-bird*]; סעקרעטאריש, מיט זעהר א שעהנער, רונדער און געצאצקעטער האנד=שריפט.

sec'retary-bird *n.* (סעק׳-רי-טע-רי-בוירד) דער סעקרעטאר=פויגעל [א מין אפריקאנישער גרויער רויב=פויגעל, וואס ערנעהרט זיך מיט שלאנגען און אנדערע רעפטילען].



Secretary-bird

Sec'retary of Ag'riculture (סעק׳-רי-טע-רי אוו עג׳-רי-קאל-טשור) דער מיניסטער פון ערד=ארבייט. ז. *Department of Agriculture*.

Sec'retary of Com'merce (סעק׳-רי-טע-רי אוו קאמ׳-אוירס) דער האנדעלס=מיניסטער [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

sec'retary of em'bassy (סעק׳-רי-טע-רי אוו עמ׳-בע-סי) ז. *secretary of legation*.

Sec'retary of For'eign Affairs' (סעק׳-רי-טע-רי אוו פאר׳-איין ע-פעהרז׳) דער מיניסטער איבער די אויסערליכע ענינים.

Sec'retary of La'bor (סעק׳-רי-טע-רי אוו ליי׳-באר) דער ארבייטס=מיניסטער [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]. ז. *Department of Labor*.

sec'retary of lega'tion (סעק׳-רי-טע-רי אוו לי-גיי׳-שאן) דער סעקרעטאר פון דער לעגאציאן, דער הויפט=געהילף פון געזאנדטען.

Sec'retary of State (סעק׳-רי-טע-רי אוו סטייט) דער מיניסטער פון אויסערען [ז. *Department of State*]; אין די איינצעלנע שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בעאמטער וואס שטעלט צונויף און האלט די רעקארדען אדער שטאאטס=פאפיערען.

Sec'retary of the Inte'rior (סעק׳-רי-טע-רי אוו טהי אינ-טי׳-רי-אר) דער מיניסטער פון אינערען [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]. ז. *Department of the Interior*.

Sec'retary of the Na'vy (סעק׳-רי-טע-רי אוו טהי ניי׳-ווי) דער פלאטען=מיניסטער, מארין=מיניסטער [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]. ז. *Department of the Navy*.

Sec'retary of the Treas'ury (סעק׳-רי-טע-רי אוו טהי טרעזש׳-אור-אי) דער פינאנץ=מיניסטער אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ז. *Department of the Treasury*.

Sec'retary of War (סעק׳-רי-טע-רי אוו וואהר) דער קריעגס=מיניסטער אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ז. *Department of War*.

sec'retaryship *n.* (סעק׳-רי-טע-רי-שיפ) דאס סעקרעטאר=אמט, די סעקרעטאר=שטעלע.

secrete' *v.* (סי-קריט׳) פערבארגען, האלטען בסוד, בעהאלטען; אין פיזיאלאגיע פון חיות און פלאנצען — אבזונדערען, אויסטיילען, אויסשיידען.

se'cret-false *a.* (סי׳-קרעט-פאהלס) פאלש אדער אונטריי אין האלטען א סוד.

secre'ting glands (סי-קרי׳-טינג גלענדז) די אויסטיילונגס=דריזען [די דריזען, דורך וועלכע עס ווערען אויסגעטיילט פערשיעדענע שטאפען פון קערפער].

secre'ting or'gans (סי-קרי׳-טינג אהר׳-גענז) אין באטאניק — די ארגאנען פון א פלאנצע, וועלכע טיילען אוים זאפט און אנדערע שטאפען.

secre'tion *n.* (סי-קרי׳-שאן) די אבזונדערונג; די אויסטיילונג; די אבגעזונדערטע פליסיגקייט אין דעם קערפער פון טהיערע.

secreti'tious *a.* (סי-קרי-טיש׳-אס) אין פיזיאלאגיע — אבגעזונדערט, אויסגעטיילט; וואס האט זיך בעקומען דורך אויסטיילונג.

secre'tive *a.* (סי-קרי׳-טיוו) געהיים מאכענד; האלטענד בסוד; פערשוויגען, שווייגזאם; אין פיזיאלאגיע — וואס רופט ארויס אן אויסטיילונג.

secre'tively *adv.* (סי-קרי׳-טיוו-לי) האלטענדיג בסוד; על פי סוד.

secre'tiveness *n.* (סי-קרי׳-טיוו-נעס) די נייגונג צו פערבארגען, צו האלטען בסוד; די פעהיגקייט צו אזא נייגונג [אין פרענאלאגיע].

se'cretly *adv.* (סי׳-קרעט-לי) אויף א בעהאלטענעם אדער פערבארגענעם שטיי=

נער; בסוד; אין געהיים; פערבארגענ, בעהאלטען.

se'cretness *n.* (סי'-קרעט-נעס) די פער= בארגענהייט, די איינגעהאלטענקייט, דאס קענען האלטען א סוד.

secre'tory *a.* (סי-קרי'-טא-רי) אבזונ= דערענד; וואס איז שייך צו דער אויסטיי= לונג פון פליסינקייטען אין קערפער.

se'crets *n.* (סי'-קרעטס) סעקרעטען, סודות; די געשלעכטס-גליעדער; קערפער= טיילען, וועלכע מען האלט צוגעדעקט צו= ליעב בעשיידענהייט.

se'cret ser'vice (סי'-קרעט סויר'-וויס) געהיים-דיענסט אדער געהיים-פאליציי [פאליציי אין א לאנד, וועלכע שפיאנע= וועט אוים קרימינעלע און פאליטישע פער= ברעכער, וואס פיהרען זייער טהעטיגקייט אין געהיים]; דאס דיענען אין געהיים= פאליציי.

sect *n.* (סעקט) א סעקטע; א כתה; א רעליגיאנס-סעקטע; א גרופע מענשען, וועלכע האבען זיך אבגעשפאלטען פון דער הערשענדער קירך; א פארטיי, א פראק= ציאן; א גרופע מענשען, וועלכע זיינען פאנאטיש אין זייערע איבערצייגונגען; א געשלעכט.

sec'tant *n.* (סעק'-טענט) א טייל פון א שטח וואס ווערט אבגעשניטען דורך דריי פלעכען.

secta'rial *a.* (סעק-טע'-רי-על) סעק= טאנטיש.

secta'rian *n.* and *a.* (סעק-טע'-רי-ען) א סעקטאנט, איינער וואס געהערט צו א סעקטע; סעקטאנטיש; וואס איז שייך צו א סעקטאנט; וואס בעלאנגט צו א סעקטע.

secta'rianise *v.* (סעק-טע'-רי-ענ-איז) ז. ***sectarianize***

secta'rianism *n.* (סעק-טע'-רי-ענ-איזם) סעקטען-גייסט; די אנגעהעריגקייט צו א סעקטע.

secta'rianize *v.* (סעק-טע'-רי-ענ-איז) מאכען איינעם פאר א סעקטאנט.

sec'tary *n.* and *a.* (סעק'-טע-רי) א סעקטאנט, א מיטגליעד פון א סעקטע, פארטיי אדער פראקציאן; א מיטגליעד פון א רעליגיעזער סעקטע; וואס איז שייך צו א סעקטאנט אדער צו א סעקטע.

sec'tile *a.* (סעק'-טיל) וואס קען גלאט געשניטען אדער געשפאלטען ווערען.

sectil'ity *n.* (סעק-טיל'-אי-טי) די איי= גענשאפט לייכט און גלאט געשניטען צו ווערען.

sec'tio *n.* (סעק'-שי-או) א שניט; א צו= שניידונג; דאס פאלמעסען.

sec'tion *n.* and *v.* (סעק'-שאן) א סעק= ציאן; א דורכשניט, א דורכשניטס-אנזיכט פון עטוואס וואס ווערט פארגעשטעלט אויף א צייכנונג; דאס שניידען; דאס צושניי= דען; דאס צוטיילען; אן איינשניט; א שניט; אן אבשניט, אן אבטיילונג; א טייל; א שטח קהל'שעס לאנד פון 640 אקער [א קוואדראט מייל] אין די פער= איינינגטע שטאאטען פון אמעריקא; א טייל פון א שלאף-וואגאן; א גאנץ דין פעניצעל פאר א מיקראסקאפישער אונטערזוכונג; אן אבזאץ, א פאראגראף [§]; אין זאא= לאגיע און באטאניק — א גרופע; צוטיי= לען אין סעקציאנען אדער אבטיילונגען; צושניידען אויף דינע פעניצלעך פאר א מיקראסקאפישער אונטערזוכונג.

sec'tional *a.* (סעק'-שאנ-על) 1. גע= מאכט אין סעקציאנען אדער אין אבטיי= לונגען; 2. וואס געהערט צו אן אבשניט אדער צו אן אבטיילונג; 3. פארטיקולא= ריסטיש, לאקאל, וואס איז בלויז פאר איין בעזונדערען טייל אדער געגענד, וואס איז אין די אינטערעסען נור פון איין טייל אדער איין גרופע פון דער בעפעלקערונג.
1. My library shelves are sectional bookcases. 3. Sectional feeling is very strong in the Southern States.

sec'tionalism *n.* (סעק'-שאנ-על-איזם) פארטיקולאריזם, אבגעזונדערטקייט פון איין טייל פון דער בעפעלקערונג פון דעם אנדערען; דאס זיין בלויז אין די אינטע= רעסען פון איין גרופע אדער טייל פון דער בעפעלקערונג.

sectional'ity *n.* (סעק-שא-נעל'-אי-טי) ז. ***sectionalism***

sectionaliza'tion *n.* (סעק-שאנ-על-אי-זיי'-שאן) דאס ווערען פארטיקולאריסטיש. ז. ***sectional***

sec'tionalize *v.* (סעק'-שאנ-על-איז) מאכען פארטיקולאריסטיש. ז. ***sectional***

sec'tionally *adv.* (סעק'-שאנ-על-אי) אין אבטיילונגען, אין סעקציאנען.

sec'tion-boss *n.* (סעק'-שאנ-באס) דער הויפט פון אן אבטיילונג ארבייטער, וועל= כע דארפען האלטען אין ארדנונג אן איי= זענבאהן-ליניע אין א געוויסער סעקציאן.

sec'tion-box *n.* (סעק'-שאנ-באקס) א קאמער אדער קאסטען מיט אינסטרומענ= טען פאר די אויפפאסער אויף אן איי= זענבאהן-סעקציאן.

sec'tion-crew *n.* (סעק'-שאנ-קרוה) די ארבייטער און אנגעשטעלטע פון אן איי= זענבאהן-אבטיילונג.

sec'tionize *v.* (סעק'-שאנ-איז) צושניי= דען, צוטיילען; צוטיילען אין אבטיילונגען אדער סעקציאנען.

sec'tion-li'ner *n.* (סעק'-שאנ-לאי'-נער) אן אינסטרומענט צו צייכענען פאראלעלע ליניען [ער בעשטעהט פון א דריי-עק און פון א גראדען לינעאל].

sec'tion-plane *n.* (סעק'-שאנ-פליין) א געשניטענע פלעכע.

sec'tive *a.* (סעק'-טיוו) ז. ***sectile***

sec'tor *n.* (סעק'-טאר) א סעקטאר, א קרייז-אויסשניט, אן אויסשניט פון א קרייז וואס איז בעגרענעצט פון צוויי ראדיוסען [ז. איל.]; א פראפארציאנס-צירקעל [א מאטעמאטישער אינסטרו= מענט פאר טריגאנאמעטרי= שע אויסרעכנונגען]; אן אס= טראנאמישער אינסטרומענט פאר ווינקעל-מעסטונגען; א טרייב-ראד וואס נור איין סעקטאר-טייל פון איהם האט צייהנער.

Sector

sec'toral *a.* (סעק'-טאר-על) וואס איז שייך צו א סעקטאר [א קרייז-אויסשניט].

sec'tor-gear *n.* (סעק'-טאר-גיער) א טריעב-ראד וואס בלויז איין סעקטאר-טייל פון איהם האט צייהנער

secto'rial *a.* and *n.* (סעק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א סעקטאר [א קרייז= אויסשניט]; וואס איז צוגעפאסט צום שניידען [וועגען די צייהנער פון פלייש= עסענדע חיות]; א שנייד-צאהן.

sec'tor-wheel *n.* (סעק'-טאר-הוויעל) ז. ***sector-gear***

sec'ular *a.* and *n.* (סעק'-יו-לאר) וועלט= ליך, וואס איז ניט געבונדען צום קלויס= טער אדער צו א מאנאכען-ארדען [וועגען פריסטער אדער גלחים]; הונדערט-יעהריג; הונדערט-יעהרליך, וואס פאסירט איין מאל אין הונדערט יאהר; וואס ציהט זיך פאר יאהרען און יאהרען, וואס דויערט פון בע= שטענדיג אן; א וועלטליכער פריסטער אדער גלח [א פריסטער וואס איז ניט געבונדען צו א מאנאכען-ארדען; א ניט= ארדינירטער קירכען-אנגעשטעלטער.

sec'ular cler'gy (סעק'-יו-לאר קלויר'-דזשי) די וועלטליכע גייסטליכע [פריס= טערס אדער גלחים וואס בעלאנגען ניט צו א מאנאכען-ארדען].

sec'ular educa'tion (סעק'-יו-לאר עד-יו-קיי'-שאן) וועלטליכע ערציהונג [אהן רעליגיאנס-אונטערריכט].

secularisa'tion *n.* (סעק-יו-לאר-אי-זיי'-שאן) ז. ***secularization***

sec'ularise *v.* (סעק'-יו-לאר-איז) ז. ***secularize***

sec'ularism *n.* (סעק'-יו-לאר-איזם) די איבערגעבענהייט צו וועלט-זאכען אדער צו עולם-הזה, ניט זארגענדיג פאר עולם הבא; די פערנאכלעסיגונג אדער אויסשליסונג פון רעליגיאן אין ערציהונג און עפענטליכען לעבען; די אידעע פון אבטיילען די קירך פון שטאאט.

sec'ularist *n.* and *a.* (סעק'-יו-לאר-איסט) איינער וואס גלויבט בלויז אין א לעבען אויף דער וועלט אדער אין עולם הזה און זאגט זיך אב פון אלע פארמען פון רעליגיאן און פון דעם גלויבען אין עולם הבא; איינער וואס האלט, אז די רעליגיאן דארף אויסגעשלאסען ווערען פון ערציהונג און פון עפענטליכען לעבען; וואס איז אן אנהענגער פון דיעזער אנזיכט אדער טעאריע; וואס איז אן אנהענגער פון דער אידעע פון אבטיילען די קירך פון שטאאט.

secular'ity *n.* (סעק-יו-לער'-אי-טי) וועלטליכקייט [אין געגענזאץ צו גייסט= ליכקייט]; די איבערגעבענהייט צו עולם הזה; דאס גלויבען בלויז אין דער וועלט און ניט אין עולם הבא.

seculariza'tion *n.* (סעק-יו-לאר-אי-זיי'-שאן) דאס איבערגעבען זיך צו עולם הזה, ניט זארגענדיג פאר עולם הבא; דער אי= בערגאנג פון א קירכליכען אדער מאנאכען= צושטאנד צו א וועלטליכען; דאס מאכען וואכעדיג אדער וועלטליך; פערוועלטלי= כונג פון קירכען-גיטער [דאס איבערגע= בען קירכליכע גיטער צום וועלטליכען גע= ברויך]; דאס אויסשליסען רעליגיאן פון ערציהונג און פון עפענטליכען לעבען.

sec'ularize *v.* (סעק'-יו-לאר-איז) מא= כען וועלטליך, אריבערפיהרען פון מאנא= כען-שטאנד אין א וועלטליכען; פערוועלט= ליכען קירכליכע גיטער [איבערגעבען קירכליכע גיטער פאר א וועלטליכען גע= ברויך]; וואכעדיג מאכען, אוועקנעהמען דעם רעליגיעזען אינהאלט אדער איינפלוס; בעקעהרען צו אן עולם-הזה'דיגען לעבען.

sec'ularly *adv.* (סעק'-יו-לאר-לי) וועלטליך [אין געגענזאץ צו גייסטליך].

sec'ular mu'sic (סעק'-יו-לאר מיו'-זיק) וועלטליכע [ניט קירכליכע] מוזיק.

sec'ularness *n.* (סעק'-יו-לאר-נעס) ז. ***secularity***

se'cund *a.* (סי'-קאנד) איינזייטיג, וואס האט צווייגלעך נור פון איין זייט [וועגען פלאנצען].

secunda'tion *n.* (סעק-אנ-דיי'-שאן) גליק, מזל ברכה.

sec'undine *n.* (סעק'-אנ-דין) אין בא= טאניק — די צווייטע אדער אינעווענינגסטע איי-הויט; אין מעדיצין — די פלאצענטא, די שליה, דאס ארט, די נאך-געבורט, די איי-הויט.

secundip'ara *n.* (סעק-אנ-דיפ'-ע-רא) א פרוי וואס געבעהרט צום צווייטען מאל.

secun'dum *prep.* (סי-קאנ'-דאם) אין בעצוג, לויט.

secur'able *a.* (סי-קיור'-עבל) וואס קען געזיכערט ווערען; לייכט צו זיכערען.

secur'ance *n.* (סי-קיור'-ענס) פערזיכערונג.

secure' *a. and v.* (סי-קיור') זיכער, פערזיכערט, גאראנטירט; פריי פון געפאהר; רוהיג, זארגלאז; זיכערען, שיצען, בעוואהרען; פערזיכערען; געוויס מאכען; גאראנטירען; זיכער מאכען; פערפעסטיגען; אריינזעצען אין תפיסה; פעסט אנגרייפען; נעהמען אין בעזיץ.

secure'ly *adv.* (סי-קיור'-לי) מיט זיכערהייט, מיט געוויסהייט; אויף א זיכערען אופן; אהן מורא פאר געפאהר: אין זיכערהייט.

secure'ment *n.* (סי-קיור'-מענט) די פערזיכערונג; דאס מאכען זיכער.

secure'ness *n.* (סי-קיור'-נעס) די זיכערהייט; דאס זיין זיכער.

secur'er *n.* (סי-קיור'-ער) א שיצער, א בעשיצער; איינער אדער עטוואס וואס זיכערט.

secu'riform *a.* (סי-קיו'-רי-פארם) האק=פערמיג, וואס האט די פארם פון א האק.

sec'urite *n.* (סעק'-יו-ראיט) אזא שטארקער אויפרייסענדער שטאף, א געוויסער עקספלאזיאנס=פולווער וואס רייסט אויף מיט א גרויסער קראפט.

secu'rity *n.* (סי-קיו'-רי-טי) זיכערהייט; שוץ; גאראנטיע; בירגשאפט, ערבות; א משכון; א פערזיכערונג; אן ערב.

sedan' *n.* (סי-דען') א טראג=שטוהל [אזא גרויסער געדעקטער געפאלסטערטער שטוהל וואו עס קען זיצען איין פערזאן און וועלכער ווערט געטראגען אויף שטאנגען פון די זייטען].

Sedan

sedan'-chair *n.* (סי-דען'-טשעהר) ז. *sedan*.

sedate' *a.* (סי-דייט') געזעצט, רוהיג, געלאסען.

sedate'ly *adv.* (סי-דייט'-לי) מיט געזעצטקייט, מיט געלאסענהייט; אויף א רוהיגען אדער געלאסענעם אופן.

sedate'ness *n.* (סי-דייט'-נעס) געזעצטקייט, רוהיגקייט; געלאסענקייט.

seda'tion *n.* (סי-דיי'-שאן) בערוהיגונג.

sed'ative *a. and n.* (סעד'-ע-טיוו) בערוהיגענד, איינשטילענד; א רפואה, וואס שטילט איין א וועהטאג.

sed'ative salt (סעד'-ע-טיוו סאהלט) באר=זויערע.

sed'ative wa'ter (סעד'-ע-טיוו הוואה'-טער) אזא קאסמעטישער אדער מעדיצינישער מיטעל צו וואשען די הויט, געמאכט פון אמאניא, קאמפאר, זאלץ און וואסער.

se'dent *a.* (סיע'-דענט) זיצענד, רוהיג, רוהענד, געלאסען.

sed'entarily *adv.* (סעד'-ען-טע-רי-לי) זיצענדיג אויף איין ארט; בלייבענדיג בעשטענדיג אויף איין ארט.

sed'entariness *n.* (סעד'-ען-טע-רי-נעס) דאס זיצען בעשטענדיג אויף איין ארט; א זיצענדע לעבענס=ארט; אונבעוועגליכקייט.

sed'entary *a. and n.* (סעד'-ען-טע-רי) זיצענד; איינגעזעסען, וואס זיצט בעשטענדיג אויף איין ארט; אונבעוועגליך, פויל; וואס איז געוועהנט פיעל צו זיצען, וואס זיצט כסדר אין דער היים; אבגעזונדערט פון מענשען; וואס פאדערט, אז מען זאל פיעל זיצען [ווענען אן ארבייט אדער בעשעפטיגונג]; וואס קומט פון פיעל זיצען; אין זאאלאגיע — וואס בלייבט בעשטענדיג אין איין ארט, וואס וואנדערט ניט [ווענען פיש אדער פויגעל]; איינער וואס זיצט פיעל; אן איינגעזעסענער מענש.

sede'runt *n.* (סי-דיע'-ראנט) א זיצונג, א פערזאמלונג; א געריכטס=זיצונג [די אייגענטליכע בעדייטונג פון דעם ווארט איז: זיינען אנוועזענד געווען ביי א זיצונג, האבען אנטייל גענומען אין א זיצונג. אין דיזען אייגענטליכען זין ווערט דער אויסדרוק געברויכט אין פראטאקאלען פון זיצונגען אדער פערזאמלונגען ביים אויסרעכנען די נעמען פון די אנוועזענדע].

sedge *n.* (סעדזש) סעגע אדער ריעד=גראז [א מין גראז]; א גראז וואס וואקסט אין נאסע געגענדען; א מחנה אדער הורטע צאפליעס אדער עהנליכע פויגלען.

sedge'-bird *n.* (סעדזש-בוירד) דער ווייד=זינגער [א זינג=פויגעל].

sedged *a.* (סעדזשד) וואס בעשטעהט אדער איז געמאכט פון ריעד=גראז.

sedge'-war'bler *n.* (סעדזש-הוואהר'-בלער) ז. *sedge-bird*.

sedge'-wren *n.* (סעדזש'-רען) ז. *sedge-bird*.

sedg'y *a.* (סעדזש'-אי) בעוואקסען מיט ריעד=גראז.

sed'iment *n.* (סעד'-אי-מענט) דאס אבגעשטאנענע אויפ'ן דעק, דעק=אבזאץ, הייוועז.

sedimen'tal *a.* (סעד-אי-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו אדער וואס איז ווי הייוועז אדער דעק=אבזאץ.

sedimen'tary *a.* (סעד-אי-מענ'-טע-רי) וואס זעצט זיך אב אויפ'ן דעק; וואס בילדעט זיך דורך אבלאגערונג אדער פון דעם וואס זעצט זיך אב פון וואסער אויפ'ן דעק [ווענען געוויסע ערד=שיכטען אדער בערג].

sedimenta'tion *n.* (סעד-אי-מענ-טיי'-שאן) אבלאגערונג אדער באדען=אבזאץ [ערד אדער שטיינער וואס זעצען זיך אב פון וואסער אויפ'ן דעק און בילדעט א שיכט].

sed'iment-collec'tor *n.* (סעד'-אי-מענט-קא-לעק'-טאר) א פאררייכטונג אין פליסיגקייטס=כלים אנצוזאמלען דעם אבזאץ און איהם בעזייטיגען.

sedi'tion *n.* (סי-דיש'-אן) אן אויפשטאנד, אן אויפרוהר, א מיאטעזש; דאס אויפרייצען צו אן אויפשטאנד; א רעדע אדער פלוג=שריפט וואס רייצט צו אן אויפשטאנד.

sedi'tionary *a. and n.* (סי-דיש'-אנ-איי-רי) מיאטעזשנע, אויפריהרעריש: וואס איז שייך צו אן אויפשטאנד; א מיאטעזשניק, א בונטאווושטשיק.

sedi'tious *a.* (סי-דיש'-אס) רעבעליש, אויפריהרעריש, מיאטעזשנע.

sedi'tiously *adv.* (סי-דיש'-אס-לי) אויף אן אויפריהרערישען אדער מיאטעזשנעם אופן.

sedi'tiousness *n.* (סי-דיש'-אס-נעס) דאס זיין מיאטעזשנע אדער אויפריהרעריש; דאס זיין גענייגט צו אן אויפרוהר אדער אויפשטאנד.

seduce' *v.* (סי-דיוס') פערפיהרען, אראבפיהרען פון דרך הישר; פערפיהרען א פרוי.

sedu'ceable *a.* (סי-דיו'-סעבל) וואס קען פערפיהרט ווערען [בעזאנדערס ווענען א פרוי]; וואס קען אראבגעפיהרט ווערען פון דרך הישר.

seduce'ment *n.* (סי-דיוס'-מענט) דאס פערפיהרען [בעזאנדערס א פרוי]; דאס אראבפיהרען פון דרך הישר; א פערפיהרונג; א פערפיהרעניש; פערפיהרונגס=מיטלען.

sedu'cer *n.* (סי-דיו'-סער) א פערפיהרער, א פערפיהרעריין:

sedu'cible *a.* (סי-דיו'-סיבל) פערפיהרבאר, וואס קען פערפיהרט ווערען [בעזאנדערס ווענען א פרוי]; וואס קען אראבגעפיהרט ווערען פון דרך הישר.

sedu'cingly *adv.* (סי-דיו'-סינג-לי) פערפיהרעריש, אויף א פערפיהרערישען אופן.

sedu'cive *a.* (סי-דיו'-סיוו) ז. *seductive*.

seduc'tion *n.* (סי-דאק'-שאן) פערפיהרונג; דאס אראבפיהרען פון דרך הישר; דאס פערפיהרען א פרוי.

seduc'tive *a.* (סי-דאק'-טיוו) פערפיהרעריש.

seduc'tively *adv.* (סי-דאק'-טיוו-לי) אויף א פערפיהרערישען אופן; פערפיהרעריש.

seduc'tiveness *n.* (סי-דאק'-טיוו-נעס) א פערפיהרערישע איינענשאפט אדער נייגונג; א פערפיהרערישער איינפלוס.

seduc'tress *n.* (סי-דאק'-טרעס) א פערפיהרעריין.

sedu'lity *n.* (סי-דיו'-לי-טי) פלייסיגקייט, התמדה.

sed'ulous *a.* (סעד'-יו-לאס) פלייסיג; וואס איז א מתמיד.

sed'ulously *adv.* (סעד'-יו-לאס-לי) פלייסיג, מיט התמדה.

sed'ulousness *n.* (סעד'-יו-לאס-נעס) פלייסיגקייט, התמדה.

see *v. and n.* (סיע) זעהן; זיך זעהן, זיך טרעפען; קוקען; נאכקוקען, נאכזוכען, ערפאהרען; זיך איבערלעגען; פערשטעהן, בעגרייפען; אויסגעפינען; בעגלייטען; בעזוכען; האבען אין זינען, האבען אין אויג; בעזארגען, נאכזעהן; א בישאפליכער אדער ערץ=בישאפליכער זיץ אדער ארט; די רעזידענץ פון א בישאף אדער ערץ=בישאף; דאס אמט אדער די ווירדע פון א בישאף אדער ערץ=בישאף; די יעפארכיע אדער געגענד וואס איז אין דעם רשות פון א בישאף אדער ערץ=בישאף.

see'able *a.* (סיע'-עבל) זיכטבאר, וואס קען געזעהן ווערען.

see about' (סיע ע-באוט') זעהן וואס מען קען טהאן, נאכדענקען, זיך איבערלעגען.

I shall **see about** your suggestions.

see af'ter (סיע עפ'-טער) אויפפאסען.

seed *n. and v.* (סיעד) זאמען, זאט, זריעה; א קערנדעל; די אבשטאמונג, די קוועלע, די אורזאכע, דער אורשפרונג; געשלעכט, ראסע, שטאם, קינדער; נאכקומענשאפט; זייהען זאט; ארויסנעהמען

די זאמען אדער די זאט; בעפוצען מיט קליינע פיגורען עהנליך צו קערנדלעך; ארויסגעבען אדער פראדוצירען זאמען אדער זאט; לאזען ווערען קערנערדיג ווי פעטס וואס מען לאזט לאנגזאם זיך אבקיהלען.

seed'-bas'ket *n.* (סיעד'-בעס'-קעט) א זאט=קארב [א קארב אין וועלכען מען האלט די זאט ביים זייהען].

seed'-bed *n.* (סיעד'-בעד) א בייט צום פערזייהען.

seed'-bee'tle *n.* (סיעד'-ביע'טל) דער זאמען=צושטערער [אזא אינזעקט וואס צופרעסט די זאמען פון פלאנצען].

seed'box *n.* (סיעד'-באקס) דער קאפסול ביי א פלאנצע וואו עס ליגען די זאמען.

seed'-bud *n.* (סיעד'-באד) דער קיים, דאס אייעלע פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דאס זאמען=קערנדעל.

seed'-cake *n.* (סיעד'-קייק) א קוכען וואס ענטהאלט זאמען=קערנער, א מאהן=קוכען, א קימעל=קוכען.

seed'-coat *n.* (סיעד'-קאוט) די שאלעכץ פון א זאמען=קערנדעל.

seed'-cod *n.* (סיעד'-קאד) ז. *seed-basket*.

seed'-corn *n.* (סיעד'-קאהרן) זאט=קארן, זריעה=קערנער, קערנער צום זייהען.

seed'-crush'er *n.* (סיעד'-קראש'-ער) אן אינסטרומענט צו צורייבען זאמען כדי ארויסצודריקען אויל פון זיי.

seed'-down *n.* (סיעד'-דאון) זאמען=פוך [אזא פוך וואס בעדעקט געוויסע זאמען=קערנער, ווי פון באוועל צ. ב.].

seed'-drill *n.* (סיעד'-דריל) א זייה=מאשין צו זייהען זאט אין שורות.

see'ded *a.* (סיע'-דעד) פול מיט זאמען; זאמען טראגענד, וואס איז מיט זאמען; רייף, פול ענטוויקעלט; פערזייהט; בעשפרענקעלט מיט זאמען.

seed'-embroi'dery *n.* (סיעד'-עמ-בראי'-דער-אי) שטיקעריי, אין וועלכער עס ווערען איינגענעהט זאמען פון געוויסע פרוכט.

see'der *n.* (סיע'-דער) א זייהער, א זייה=מאשין; אן אפאראט ארויסצונעהמען די זאמען אדער קערנער פון פרוכט; א פיש וואס ענטהאלט רויגען אדער מילך.

seed'-field *n.* (סיעד'-פיעלד) א פעלד צום פערזייהען.

seed'-fish *n.* (סיעד'-פיש) א פיש וואס ענטהאלט רויגען אדער מילך.

seed'ful *a.* (סיעד'-פול) פול מיט זאט אדער זאמען; פיעל פערשפרעכענד.

seed'-gar'den *n.* (סיעד'-גאר'דן) א זאמען=גארטען [א גארטען צום קולטיווירען זאט].

seed'-grain *n.* (סיעד'-גריין) ז. *seed-corn*.

see'diness *n.* (סיע'-די-נעס) דאס זיין קערנדיג, דאס זיין פול מיט זאמען אדער קערנער; אבגעריבענקייט, אבגעטראגענקייט; אבגעניצטקייט; אויסגעמאטערטקייט.

see'ding *n.* (סיע'-דינג) דאס פערזייהען זאט.

see'ding-machine' *n.* (סיע'-דינג-מע-שין') א זייה=מאשין.

see'ding-plow *n.* (סיע'-דינג-פלאו) אן אקער וואס זייהט אויף די קערנער ביים אקערען.

seed'-lac *n.* (סיעד'-לעק) זאמען=לאק [א לאק וואס ווערט געמאכט פון קערנער].

seed'-leaf *n.* (סיעד'-ליעף) דאס זאמען=בלאט [דאס ערשטע בלעטעל וואס שפראצט ארויס פון דעם זאמען].

seed'-leap *n.* (סיעד'-ליעפ) א זייה=קארב [א קארב אין וועלכען מען האלט די זאט ביים זייהען].

seed'less *a.* (סיעד'-לעס) וואס האט ניט קיין זאמען אדער זאט.

seed'ling *n. and a.* (סיעד'-לינג) א זא=מען=געוויקס, א זאמען=פלאנצע [א פלאנצע וואס וואקסט ארויס פון א קערנדעל, צום אונטערשיעד פון אן אבגעשניטענעם צווייגעל וואס ווערט פערפלאנצט]; וואס קומט ארויס פון א זאמען אדער קערנדעל.

seed'-lip *n.* (סיעד'-ליפ) ז. *seed-leap*.

seed'-lobe *n.* (סיעד'-לאוב) ז. *seed-leaf*.

seed'man *n.* (סיעד'-מען) ז. *seedsman*.

seed'-oil *n.* (סיעד'-איל) זאמען=אויל.

see doub'le (סיע דאבל) זעהן א גע=גענשטאנד ווי ער וואלט געווען דאפעלט [ווי ווען עס שווינדעלט פאר די אויגען אדער ווען מען איז שכור].

seed'-oys'ters *n.* (סיעד'-אים'-טערז) יונגע אויסטערס, וועלכע ווערען אריבערגעטראגען אין ערטער וואו זיי זיינען ניטא, אז זיי זאלען זיך דארט איינפיהרען.

seed'-plan'ter *n.* (סיעד'-פלענ'-טער) א זייה=מאשין [בעזאנדערס פאר בערג].

seed'-plot *n.* (סיעד'-פלאט) א שטיק ערד וואס ווערט פערזייהט מיט זאט אום די פלאנצען, וואס וואקסען ארויס פון זיי, זאל מען שפעטער איבערזעצען אין אן אנדער ארט.

seeds'man *n.* (סיעדז'-מען) א זייהער; א זאמען=הענדלער, א זאט=הענדלער.

seed'-sow'er *n.* (סיעד'-סאו'-ער) א זייה=מאשין.

seed'-time *n.* (סיעד'-טאים) די זאט=צייט, די זייהונגס=צייט.

seed'-ves'sel *n.* (סיעד'-וועס'-על) אין באטאניק — דער זאמען=קאפסעל [דער טייל פון א פלאנצע וואס ענטהאלט די זאמען=קערנער].

seed'-wool *n.* (סיעד'-הוואול) רויהער באוועל פון וועלכען מען האט נאך די זאמען ניט ארויסגענומען.

see'dy *a.* (סיע'-די) 1. רייך אין קערנער, פול מיט זאמען; 2. וואס האט אן אייגענ=טימליכען ריח [וועגען פראנצויזישען בראנפען]; 3. אבגעטראגען, אבגעניצט, ארעמזעליג; 4. קאצען=יאמערליך, אויסגעמאטערט, מיעד ווי נאך א הוליאנקע; 5. פול מיט רויגען אדער מילך [וועגען פיש].

3. There appeared at the door a seedy looking individual.

see'ing *c. and n.* (סיע'-אינג) ווייל; נעהמענדיג אין אנבעטראכט; אזוי ווי; דאס זעהן.

see in'to a mill'stone (סיע אינ'-טו ע מיל'-סטאון) ז. *see through a millstone*.

see in'to some'thing (סיע אינ'-טו סאמ'-טהינג) נאכקוקען, נאכזעהן עפעס; אין עפעס ארייינטראכטען זיך.

seek *v.* (סיעק) 1. זוכען, נאכזוכען, נאכ=פרעגען; 2. שטרעבען נאך..., זיך יאגען נאך...; 3. זיך ווענדען צו...

1. Seek and ye shall find. 2. His enemy seeks his ruin.

see'ker *n.* (סיע'-קער) א זוכער; א נאכ=זוכער, א נאכפרעגער.

seek for (סיעק פאר) נאכזוכען; שטרע=בען צו געפינען.

seel *v. and n.* (סיעל) פערבינדען די אויגען; פערמאכען די אויגען, בלינד מא=כען; אנבויגען זיך אן א זייט [וועגען א שיף וואס ווערט געווארפען פון כוואליעס]; א בויג אויף דער זייט [ווי פון א שיף וואס ווערט געווארפען פון שטורם].

seem *v.* (סיעם) 1. שיינען, שיינען צו זיין, אויסזעהן, אויסווייזען; 2. דוכטען, דאכטען.

1. It seems to me that he is right. 2. I still seem to hear the voice of my childhood friends.

see'mer *n.* (סיע'-מער) איינער וואס זעהט אוים, איינער וואס גיט זיך א גע=וויסען אויסזעהן.

see'ming *a. and n.* (סיע'-מינג) 1. וואס זעהט אוים, וואס שיינט; שיינבאר; 2. דאס אויסזעהן, דער אנזעהן.

1. My seeming indifference should not be taken to mean a lack of interest in the project.

see'mingly *adv.* (סיע'-מינג-לי) לויט ווי עס ווייזט אוים, לויט ווי עס שיינט; שיינבאר.

see'mingness *n.* (סיע'-מינג-נעס) דאס אויסזעהן, דער אנזעהן, שיינבארקייט.

seem'lily *adv.* (סיעמ'-לי-לי) אויף א פאסענדען, אנשטענדיגען אופן.

seem'liness *n.* (סיעמ'-לי-נעס) אנ=שטאנד, דאס גוטע אויסזעהן; אנשטענדיג=קייט; פאסינקייט; חן, שעהנקייט.

seem'ly *a. and adv.* (סיעמ'-לי) אנ=שטענדיג; פאסענד; אויף א פאסענדען אדער אנשטענדיגען אופן.

seen (סיען) געזעהן. ז. *see*.

see one through (סיע הוואן טהרוה) אימעצען דורכהעלפען, ארויסשלעפען אי=מעצען פון א צרה.

see out (סיע אוט) קוקען אדער אוים=הערען ביז'ן סוף; איבערטרעפען, איבער=שטייגען.

seep *v.* (סיעפ) זיך דורכזייען; אברינען, אבטריפען.

see'page *n.* (סיע'-פעדזש) אבזייאונג, אבטריפונג; די פליסינקייט וואס ווערט אבגעזייט אדער אבגעטריפט.

see'py *a.* (סיע'-פי) זעהר פייכט, אנגע=זאפט מיט פיעל פייכטקייט.

seer *n.* (סיער) א זעהער, א פראפעט, א נביא.

seer'ship *n.* (סיער'-שיפ) נביא'שאפט, דאס כאראקטעריסטישע פון א נביא.

seer'sucker *n.* (סיער'-סאק-ער) אזא דינער אסט=אינדישער לייווענד=שטאף.

see'-saw *n., a. and v.* (סיע'-סאה) דאס וויעגען זיך אויף א באלאנסירענדען ברעט אדער קלאץ; א שאקעל=ברעט, א הוידעל=קע; דאס הוידען אדער וויעגען זיך; א היין און הער ערקלערונג, אן ערקלערונג פון איין זאך דורך א צווייטער וואס די צווייטע גופא ווערט ערקלערט דורך דער ערשטער; דאס צוויי=זייטיגע טרומפפען אין וויהסט [אזא קארטען=שפיעל]; היין און הער, ארויף און אראב; שוואנקען; זיך וויעגען אדער בעוועגען היין און הער; וויעגען, שאקלען, הוידען.

see'-saw mo'tion (סיע'-סאה מאו'-שאן) א היין און הער בעוועגונג; א בע=וועגונג ארויף און אראב.

see stars (סיע סטאהרז) פיהלען ווי עס פליהען פונקען פון די אויגען [ווי ביים קריעגען א שטארקען קלאפ אין קאפ].

seethe *v.* (סיעטה) זידען, קאכען; איינ=ווייקען; זיך קאכען.

see the back of (סיע טהי בעק אוו) פטור ווערען.

see the el'ephant (סיע טהי על'-ע-

פענט) זעהן עפּעס אונגעוועהנליכעס אדער וואונדערליכעס, זעהן דאס ערשטע מאל א גרויסע שטאדט מיט איהרע פיהרונגען.

see the light (סיע טהי לאיט) דערזעהן די ליכטיגע וועלט; בעקאנט ווערען אין דער עפענטליכקייט; ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט.

see'ther *n.* (סיע'-טהער) א קאכער; א קאף־טאפּ; א קעסעל.

see the sights (סיע טהי סאיטס) בעקוּ־קען די זעהענסווירדיגקייטען פון א שטאדט אדער פון א געגענד.

see through a mill'stone (סיע טהרוה ע מיל'-סטאָון) דורכקוקען עטוואס אונדורכדרינגליכעס; האבען א שארף אויג; האבען א שארפען מח.

see through a prism (סיע טהרוה ע פריזם) זעהן א זאך ניט ווי זי איז.

see through one (סיע טהרוה וואן) פערשטעהן אדער בעגרייפען אימעצען דורך און דורך.

see to it (סיע טו איט) בעזארגען.
I shall see to it that my instructions are carried out.

segar' *n.* (סי-גאר') ז. *cigar*

seghol' *n.* (סע-גאול') א סגל [ֶ].

seg'ment *n. and v.* (סעג'-מענט) אן אבשניט [אן אבגעשניטענער טייל]; א סעגמענט, אן אב־געשניטענער טייל פון א גע־אמעטרישער פיגור; אן אב־געשניטענער טייל פון א קרייז [ז. איל.]; א רינג פון דעם הינטער־טייל פון אן אינזעקט; צוטיילען אדער צוטיילט ווע־רען אין סעגמענטען [אבשניטען].

Segment

seg'mental *a.* (סעג'-מענ-טעל) וואס האט די פארם פון א סעגמענט [אן אב־שניט פון א קרייז]; וואס איז שייך צו סעגמענטען אדער אבשניטס־טיילען.

seg'mentally *adv.* (סעג'-מענ-טעל-אי) אין סעגמענטען, אין אבשניטס־טיילען.

seg'mentary *a.* (סעג'-מענ-טע-רי) ז. *segmental*

seg'mentate *a.* (סעג'-מענ-טייט) וואס איז אין סעגמענטען אדער אין אבשניטס־טיילען.

segmenta'tion *n.* (סעג-מען-טיי'-שאן) דאס צושניידען אדער טיילען אין סעג־מענטען אדער אין אבשניטען.

seg'mented *a.* (סעג'-מענ-טעד) צעטיילט אין סעגמענטען אדער אין אבשניטען.

seg'ment-gear *n.* (סעג'-מענט-גיער) א צאהן־טריעב־ווערק וואס פערנעהמט נור א סעג־מענט [אבשניט] פון א קרייז.


Segment-gear

seg'ment of a cir'cle (סעג'-מענט אוו ע סוירקל) א סעגמענט, א קרייז־אב־שניט.

seg'ment-wheel *n.* (סעג'-מענט-הוויעל) א טריעב־ראד וואס נור א טייל פון זיין אומקרייז האט צייהנער.

se'gno *n.* (סיי'-ניאו) א מוזיק־צייכען וואס צייגט אן דעם אנהויב אדער ענ־דע פון א ווידערהאלונג [פערקירצט S].

Segment-wheels

seg'regate *v. and a.* (סעג'-רי-גייט) אבזונדע־רען; אבשיידען, אבטיילען; זיך אבטיי־לען, זיך אבזונדערען; אבגעזונדערט, אב־געטיילט, אבגעשיידט.

segrega'tion *n.* (סעג-רי-גיי'-שאן) אב־זונדערונג, אבטיילונג, אבשיידונג.

seg'regative *a.* (סעג'-רי-גע-טיוו) אב־טיילענד, אבזונדערענד, צושיידענד.

seguidil'la *n.* (סעג-אי-דיעל'-יא) אזא לעבעדיגער שפּאנישער טאנץ פאר א פּאַ־רעל; די מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

Seid'litz pow'der (סעד'-ליץ פּאו'-דער) זיידליץ־פּולווער [אזא אבפיהרונגס־פּולווער].

sei'gneur *n.* (סיע'-ניאר) ז. *seignior*

seigneu'rial *a.* (סי-ניאו'-רי-על) ז. *seigniorial*

sei'gnior *n.* (סיע'-ניאר) א סעניאר, א הערר, א גרונד־הערר, א גרונד־בעזיצער.

sei'gniorage *n.* (סיע'-ניאר-עדזש) דאס רעכט אדער פריווילעגיום פון א גרונד־הערר; דאס קעניגליכע פריווילעגיום; דער שטייער פון גאלד וואס די קרוין פלעגט אמאל נעהמען פאר מאכען גאלדענע מטבעות; דער טייל פון פראפיט וואס א שרייבער בעקומט פון פערלעגער ביים פערקויפען זיין בוך.

sei'gnioralty *n.* (סיע'-ניאר-על-טי) דאס רעכט אדער דאס לאנד פון א גרונד־הערר.

seignio'rial *a.* (סי-ניאו'-רי-על) וואס איז שייך אדער וואס בעלאנגט צום פריץ אדער צום גרונד־בעזיצער.

sei'gniorize *v.* (סיע'-ניאר-איז) בע־הערשען.

sei'gniory *n.* (סיע'-ניאר-אי) די הער־שאפט; דאס גרונד־אייגענטום פון א גרוי־סען לאנד־הערר; א לאנד־געביעט; א שטאדט־ראט אין דער איטאליענישער רע־פּובליק אין מיטעלאלטער.

seine *n. and v.* (סיין) א שלעפּ־נעץ [אזא נעץ צו פאנגען פיש וואס צו איין ענד פון איהם ווערען בעפעסטיגט שווי־מער קארק און פון דעם אנדערען ענד שווי־קער בליי וואס דורך דעם שטעהט ער אין וואסער ווערטיקאל ווי א צאם און פאנגט די פיש וואס שווימען אין דעם אב־געצאמטען געביעט]; פאנגען פיש מיט א שלעפּ־נעץ.

seine'-boat *n.* (סיינ'-באוט) א פישער־שיפעל וואס ווערט בענוצט צום ווארפען און ארויסציהען שלעפּ־נעצען.

seine'-fish'er *n.* (סיינ'-פיש'-ער) א פי־שער וואס פאנגט פיש מיט א שלעפּ־נעץ.

sei'ner *n.* (סיי'-נער) א פישער וואס פאנגט פיש מיט שלעפּ־נעץ; א שיפעל וואס ווערט בענוצט פאר פיש־פאנג מיט א שלעפּ־נעץ.

sei'ning *n.* (סיי'-נינג) דאס פאנגען פיש מיט א שלעפּ־נעץ.

seip *v.* (סיעפ) ז. *seep*

sei'sin *n.* (סיע'-זין) ז. *seizin*

seis'mal *a.* (סאיס'-מעל) ז. *seismic*

seis'mic *a.* (סאיס'-מיק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון ערד־ציטערנים.

seis'mical *a.* (סאיס'-מי-קעל) ז. *seismic*

seis'mograph *n.* (סאיס'-מא-גרעף) א סייסמאגראף [אן אינסטרומענט, וועלכער פערצייכענט אויטאמאטיש דעם מאמענט, די דויער, די שטארקייט און די ריכטונג פון אן ערד־ציטערניש].

seismograph'ic *a.* (סאיס-מא-גרעפ'-איק) וואס איז פערבונדען מיט א סייס־מאגראף; סייסמאגראפיש, וואס איז שייך צו סייסמאגראפיע. ז. *seismography*

seismograph'ical *a.* (סאיס-מא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *seismographic*

seismog'raphy *n.* (סאיס-מאג'-רע-פי) סייסמאגראפיע, דאס שטודיום און בעשריי־בונג פון ערד־ציטערניסען דורך דער הילף פון סייסמאגראפען [אינסטרומענטען וואס פערצייכענען דעם מאמענט, די דויער, די שטארקייט און די ריכטונג פון אן ערד־ציטערנים].

seismolog'ical *a.* (סאיס-מא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו סייסמאלאגיע [די וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג פון ערד־ציטערניסען].

seismol'ogist *n.* (סאיס-מאל'-א-דזשיסט) א וויסענשאפטליכער אונטערזוי־כער אדער פארשער פון ערד־ציטערנים און איהרע אורזאכען.

seismol'ogy *n.* (סאיס-מאל'-א-דזשי) סייסמאלאגיע, די לעהרע וועגען ערד־צי־טערניסען.

seismom'eter *n.* (סאיס-מאמ'-ע-טער) א סייסמאמעטער, א סייסמאגראף. ז. *seismograph*

seismomet'ric *a.* (סאיס-מא-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א סייסמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען ערד־ציטערני־סען]; וואס איז בעאבאכטעט דורך א סייסמאמעטער; וואס איז שייך צו סייס־מאמעטריע. ז. *seismometry*

seismomet'rical *a.* (סאיס-מא-מעט'-רי-קעל) ז. *seismometric*

seismom'etry *n.* (סאיס-מאמ'-ע-טרי) סייסמאמעטריע, די מעסטונג אדער די ווי־סענשאפטליכע אונטערזוכונג פון ערד־צי־טערנים.

seis'moscope *n.* (סאיס'-מא-סקאופ) א סייסמאסקאפ [אן אינסטרומענט וואס צייגט אן דעם מאמענט און די דויער פון אן ערד־ציטערנים].

sei'zable *a.* (סיע'-זעבל) וואס מען קען אויף לעגען אן ארעסט, וואס קען גענומען ווערען אין בעשלאג; וואס קען צוגענומען ווערען; וואס קען גענומען ווערען אין בעזיץ.

seize *v.* (סיעז) אוועק־כאפּען, גרייפען; אנפאלען, ארומכאפּען; נעהמען, צונעהמען; נעהמען אין בעשלאג, ארויפלעגען אן ארעסט; נעהמען אין בעזיץ; בעפעסטי־גען, אנבינדען [שיפס־זאכען].

sei'zer *n.* (סיע'-זער) אן אנגרייפער; א בעשלאג־נעהמער, אן ארעסט־לעגער.

sei'zin *n.* (סיע'-זין) א בעזיץ, א בע־זיצטום; א לאנד־בעזיץ; דאס נעהמען אין בעזיץ; דאס נעהמען לאנד אין בעזיץ.

sei'zing *n.* (סיע'-זינג) דאס פערנעהמען אין בעזיץ; דאס צובינדען א שיף; שטריק צום צוזאמענבינדען זאכען אויף א שיף.

sei'zor *n.* (סיע'-זאר) ז. *seizer*

sei'zure *n.* (סיע'-זשור) די צונעהמונג, די בעזיץ־נעהמונג, די בעשלאג־נעהמונג, דאס לעגען אן ארעסט; אן אנגריף, אן אנפאל; דאס פערכאפּען, דאס צוגענו־מענע.

se'jant *a.* (סי'-דזשענט) זיצענד ווי א קאץ [ווענען אויסגעמאלטע אדער אויס־געקריצטע חיות אויף א הערב, ווי א לייב אדער אן אנדער חיה וואס זיצט אויף די הינטערשטע פיס]

se'jeant *a.* (סי'-דזשענט) ז. *sejant*

se'jugous *a.* (סי'-דזשו-גאס) אין באַ־טאניק — זעקס־פּאריג, וואס האט זעקס פּאר בלעטלעך.

sela'chian *a. and n.* (סי-ליי'-קי-ען) וואס איז שייך צו דעם מין ווירבעל־טהיע־רע צו וועלכע עס געהערען די האיפיש; איינער פון דיעזען מין; א האיפיש.

Sela'chii *n.* (סי-ליי'-קי-אי) דער מין ווירבעל-טהיערע צו וועלכען עס געהערען די האיפיש און די וועלכע זיינען צו זיי עהנליך.

sel'achoid *a. and n.* (סעל'-ע-קאיד) וואס איז עהנליך צו א האיפיש; א האיפיש.

Se'lah (סיע'-לא) סלה [אווארט אין תהלים פון וועלכען מען ווייס ניט גענוי די בעדייטונג און וועלכער ווערט פון אייניגע אנגענומען אלס א מוזיק-צייכען].

sel'dom *adv.* (סעל'-דאם) זעלטען.

sel'dom seen, soon forgot'ten (סעל'-דאם סיען, סוהן פאר-גאט'ן) אוים די אויגען — אוים דעם הארצען.

select' *v., a. and n.* (סי-לעקט') אויסוועהלען, אויסקלייבען; אבקלייבען; אויסגעקליבען, אויסגעוועהלט; אויסנאהמיג; איבערקלייבעריש; געגויאיג, פינקטליך; עטוואס וואס איז געוועהלט אדער נעקליבען.

select' commit'tee (סי-לעקט' קא-מיט'-אי) א קאמיטעט, וואס ווערט אויסגעקליבען פאר א בעשטימטען צוועק און ווערט אויפגעלעזט נאכדעם ווי דער צוועק ווערט דערגרייכט.

selec'ted *a.* (סי-לעק'-טעד) אויסגעוועהלט, אויסגעקליבען; ספעציעל געוועהלט.

selec'tedly *adv.* (סי-לעק'-טעד-לי) מיט א בעזונדערען אויסוואהל.

selec'tion *n.* (סי-לעק'-שאן) דאס אויסוועהלען אדער אויסקלייבען; אן אויסוואהל; אויסגעוועהלטע זאכען אדער שטיקער; אין ביאלאגיע — די נאטירליכע אבקלייבונג אדער די צוכט-וואהל [ז. *natural selection*].

selec'tive *a.* (סי-לעק'-טיוו) אויסוועהלענד, אויסקלייבענד.

selec'tively *adv.* (סי-לעק'-טיוו-לי) דורך אויסוואהל, דורך אבקלייבונג.

select'man *n.* (סי-לעקט'-מען) איינער פון די געוועהלטע שטאדט-בעאמטע אין ניי-ענגלאנד [אמעריקא], וואס האט צו פערוואלטען די שטאדטישע אנגעלעגענהייטען.

select'ness *n.* (סי-לעקט'-נעס) אויסגעוועהלטקייט, אויסגעקליבענקייט; פארטרעפליכקייט, אויסגעצייכענטקייט.

selec'tor *n.* (סי-לעק'-טאר) אן אבקלייבער, אן אויסוועהלער, אן אויסקלייבער.

Sele'ne *n.* (סי-ליע'-ני) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די געטין פון דער לבנה.

selen'ic ac'id (סי-לענ'-איק עס'-איד) סעלען-זויערע [א כעמישער פראדוקט וואס בילדעט זיך פון סעלעניום]. ז. *selenium*.

sel'enide *n.* (סעל'-אי-ניד) א סעלען-פערבינדונג [א פערבינדונג פון סעלעניום מיט אן אנדער כעמישען עלעמענט]. ז. *selenium*.

selenif'erous *a.* (סעל-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך סעלעניום. ז. *selenium*.

sele'nious *a.* (סי-לי'-ני-אס) וואס איז שייך צו סעלעניום; פראדוצירט פון סעלעניום. ז. *selenium*.

Sel'enite *n.* (סעל'-אי-נאיט) א פאבעלהאפטער איינוואהנער פון דער לבנה.

sel'enite *n.* (סעל'-אי-נאיט) אין מינעראלאגיע — סעלעניט, שפיגעל-שפאט [אזא קריסטאליזירטער און דורכזיכטיגער גיפס]; אין כעמיע — סעלען-זויערע זאלץ.

sele'nium *n.* (סי-לי'-ני-אם) סעלעניום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען, וועלכען מען געפינט אין פערבינדונג מיט שוועבעל אדער טעלור און וועלכער איז בעקאנט מיט זיין אייגענשאפט צו ענדערען זיין עלעקטרישען ווידערשטאנד אונטער דעם איינפלוס פון ליכט און היץ].

sele'niuret *n.* (סי-לי'-ניו-רעט) ז. *selenide*.

sele'niureted *a.* (סי-לי'-ניו-רעט-עד) וואס ענטהאלט סעלעניום, וואס איז פערבונדען מיט סעלעניום. ז. *selenium*.

sele'niuretted *a.* (סי-לי'-ניו-רעט-עד) ז. *seleniureted*.

sele'nograph *n.* (סי-לי'-נא-גרעף) א בילד פון דער לבנה.

selenog'rapher *n.* (סעל-אי-נאג'-רע-פער) איינער וואס בעשרייבט אדער שטודירט די לבנה.

selenograph'ic *a.* (סי-לי-נא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער בעשרייבונג פון דער לבנה.

selenograph'ical *a.* (סי-לי-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *selenographic*.

selenog'raphist *n.* (סעל-אי-נאג'-רע-פיסט) ז. *selenographer*.

selenog'raphy *n.* (סעל-אי-נאג'-רע-פי) סעלענאגראפיע [די וויסענשאפט אדער די בעשרייבונג פון דער לבנה].

selenolog'ic *a.* (סי-לי-נא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען דער לבנה.

selenolog'ical *a.* (סי-לי-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *selenologic*.

selenol'ogy *n.* (סעל-אי-נאל'-א-דזשי) סעלענאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען דער לבנה.

self *pr., a. and n.* (סעלף) זעלבסט; זיך; גופא, אליין; איינפאך, ריין, ניט געמישט מיט אנדערע [וועגען קאלירען]; דאס "איך", דאס זעלבסט; פערזענליכע אינטערעסען אדער נוצען.

self-aban'doning *a.* (סעלפ-ע-בענ'-דאנ-אינג) וואס קוקט ניט אויף זיינע אייגענע אינטערעסען; זיך אויפאפפערענד.

self-aban'donment *n.* (סעלפ-ע-בענ'-דאנ-מענט) דאס ניט קוקען אויף זיך, דאס ניט אכטען אויף די אייגענע אינטערעסען; זעלבסט-אויפאפפערונג.

self-abase'ment *n.* (סעלפ-ע-בייס'-מענט) זעלבסט-ערנידערונג.

self-abhor'rence *n.* (סעלפ-עב-האר'-ענס) זעלבסט-פעראכטונג.

self-abnega'tion *n.* (סעלפ-עב-ני-גיי'-שאן) זעלבסט-פערלייקענונג, דאס ניט רעכענען זיך מיט זיך אליין.

self-absorbed' *a.* (סעלפ-עב-סאהרבד') וואס איז אריינגעטהאן אין זיך, וואס איז פערטיעפט אין זיך.

self-abuse' *n.* (סעלפ-ע-ביוס') דאס מיסברויכען די אייגענע קרעפטען, דאס מיסברויכען די אייגענע פערזאן; זעלבסט-בעפלעקונג, אנאניזם.

self-accusa'tion *n.* (סעלפ-עק-יו-זיי'-שאן) זעלבסט-בעשולדיגונג, דאס בעשולדיגען זיך אליין.

self-accu'satory *a.* (סעלפ-ע-קיו'-זע-טא-רי) ז. *self-accusing*.

self'-accu'sing *a.* (סעלפ'-ע-קיו'-זינג) זיך זעלבסט-בעשולדיגענד, וואס בעשולדיגט זיך אליין.

self-ac'ting *a.* (סעלפ-עק'-טינג) זעלבסט-טהעטיג, זעלבסט-ווירקענד, זיך זעלבסט רעגולירענד [ביי מאשינען].

self-activ'ity *n.* (סעלפ-עק-טיוו'-אי-טי) זעלבסט-טהעטיגקייט [די איינגעבארענע אדער אינערליכע קראפט פון טהעטיגקייט און בעוועגונג].

The doctrine of **self-activity** is the basis of modern education.

self'-adapta'tion *n.* (סעלפ'-עד-עפ-טיי'-שאן) די זעלבסט-צופאסונג פון אן ארגאניזם צו נייע בעדינגונגען דורך ענדערונגען, וועלכע זיינען אין דעם ארגאניזם פארגעקומען פאר דיעזען צוועק [ווי די פערשטארקונג פון א מוסקול דורך איבונג אדער ארבייט].

self-adjus'ting *a.* (סעלפ-ע-דזשאס'-טינג) וואס רעגולירט זיך אליין, וואס ברייננגט זיך אליין אין ארדנונג [וועגען געוויסע מאשינען אדער זייערע טיילען].

The clock has a **self-adjusting** attachment.

self-admira'tion *n.* (סעלפ-עד-מי-ריי'-שאן) די זעלבסט-בעוואונדערונג, דאס נתפעל ווערען פון זיך אליין.

self-affec'ted *a.* (סעלפ-ע-פעק'-טעד) פערליעבט אין זיך אליין.

self-appoin'ted *a.* (סעלפ-ע-פאינ'-טעד) וואס בעשטימט זיך אליין, וואס שטעלט זיך אליין אן.

self-appro'ving *a.* (סעלפ-ע-פרוה'-ווינג) וואס בערעכטיגט אליין זיין אייגענע אויפפיהרונג.

self-asser'ting *a.* (סעלפ-ע-סויר'-טינג) וואס איז איינגעגלויבט אין זיך און אין זיינע מיינונגען; וואס שטופט זיך אלץ צום אויבען-אן.

self-asser'tion *n.* (סעלפ-ע-סויר'-שאן) דאס זיין איינגעגלויבט אין זיך, דאס שטופען זיך איבעראל פארויס.

self-asser'tive *a.* (סעלפ-ע-סויר'-טיוו) ז. *self-asserting*.

self-assumed' *a.* (סעלפ-ע-סיומד') וואס איז גענומען געווארען אייגענוויליג [ניט זייענדיג בערעכטיגט].

His title of Doctor is **self-assumed.**

self-assump'tion *n.* (סעלפ-ע-סאמפ'-שאן) דאס האבען א הויכע מיינונג פון זיך, דאס האלטען זיך פאר א גרויסען מענשען.

self-assured' *a.* (סעלפ-ע-שורד') וואס פערלאזט זיך אויף זיך אליין, וואס איז איינגעגלויבט אין זיך.

self-begot'ten *a.* (סעלפ-בי-גאט'ן) וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען.

sen'suously *adv.* (סענ'-שיו-אַס-לי) אויף אַ תאוה'דיגען אופן; אויף אַ קערפּערליכען אָדער גשמיות'דיגען אופן.

sen'suousness *n.* (סענ'-שיו-אַס-נעס) תאוה'דיגקייט; קערפּערליכקייט, גשמיות'דיגקייט.

sent (סענט) געשיקט; אַנגעשיקט; געוואָרפען; געטריבען צו עפּעס אָדער פעראורזאַכט עפּעס. ז. ***send***

sen'tence *n. and v.* (סענ'-טענס) אַ [גראַמאַטיקאַלישער] זאַץ; אַן אורטייל, אַ משפּט; אַ מיינונג, אַן ענטשיידונג, אַ בעשלוס; אַ שפּרוך, אַ כלל, אַן אַקסיאָמע; פעראורטיילען, פער'משפּט'ען.

sen'tencer *n.* (סענ'-טענ-סער) אַ פעראורטיילער, איינער וואָס פעראורטיילט, אַ ריכטער.

senten'tial *a.* (סענ-טענ'-שעל) וואָס איז שייך צו אַ גראַמאַטיקאַלישען זאַץ.

senten'tially *adv.* (סענ-טענ'-שעל-אי) דורך אַן אורטייל, ענטשיידענד, ענטשיידען; אין גראַמאַטיקאַלישע זעצע; דורך זעצע.

sententia'rian *n.* (סענ-טענ-שי-ע'-רי-ען) איינער וואָס מאַכט פּירושים אויף דער זאַמלונג פון שפּריכע און מיינונגען פון די גרינדער פון דער קריסטליכער קירך [די זאַמלונג איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין 12טען יאהרהונדערט און האָט געדיענט אַלס גרונד=ווערק פון דער קריסטליכער טעאָלאָגיע].

senten'tiary *n.* (סענ-טענ'-שי-ע-רי) ז. ***sententiarian***

senten'tious *a.* (סענ-טענ'-שאַס) פול מיט שפּריכע אָדער אַקסיאָמען=עהנליכע אויסדריקע; לאַקאָניש, קורץ און שאַרף; וואָס רעדט מיט קורצע שפּריכע אָדער אַקסיאָמען=עהנליכע אויסדריקע.

senten'tiously *adv.* (סענ-טענ'-שאַס-לי) מיט שטאַרקייט און קורצקייט [אין אויסדרוק], לאַקאָניש, אין דער פאָרם פון אַ שפּרוך אָדער קורצען, שאַרפען אויסדרוק.

senten'tiousness *n.* (סענ-טענ'-שאַס-נעס) דאָס זיין לאַקאָניש, קורצקייט און שאַרפקייט [אין אויסדריקע].

sen'tience *n.* (סענ'-שי-ענס) דאָס פיהלען; עמפּפינדליכקייט; פעהיגקייט צו פיהלען אָדער אויפצונעהמען עמפּפינדונגען; בעוואוסטזיין.

sen'tiency *n.* (סענ'-שי-ען-סי) ז. ***sentience***

sen'tient *a. and n.* (סענ'-שי-ענט) פיהלענד, עמפּפינדענד, בעוואוסטזיניג, דענקענד; וואָס איז שייך צו די קערפּערטיילען, וואָס גיבען איבער עמפּפינדונגען; אַ דענקענדעס, פיהלענדעס בעשעפעניש; דאָס בעוואוסטזיין, דער פערשטאַנד.

sen'tiently *adv.* (סענ'-שי-ענט-לי) אויף אַ פיהלענדען, עמפּפינדליכען אָדער בעוואוסטזיניגען שטייגער.

sen'timent *n.* (סענ'-טי-מענט) דאָס געפיהל; אַן אורטייל בעאיינפלוסט פון געפיהלען; עמפּפינדליכקייט, סענטימענטאַליטעט: דער אויסדרוק פון געפיהלען אָדער עמפּפינדליכקייט אין קונסט=ווערק; אַ קינסטלערישער אויסדרוק פון אַ העכסט־ענטוויקעלטען געפיהל אָדער פאָרשטעלונגס־קראַפט; אַ סענטימענט, אַ געדאַנק, ניי־גונג, גענייגונג, מיינונג; דער געדאַנקען־אינהאַלט אין ווערטער; אַ געדאַנק אויסגעדריקט אין שטאַרקע ווערטער; אַ וואונש; אַ טאָסט, אַ גליקווינשונג אָדער לויב ביי אַ לחיים.

sentimen'tal *a.* (סענ-טי-מענ'-טעל) סענטימענטאַל, וואָס ווערט בעהערשט פון געפיהלען, וואָס ווירקט אויף די געפיהלען [אַלס געגענזאַץ צום פערשטאַנד]; כלומר'שדיג מיט געפיהל; איבערטריבען געפיהלפאָל; איבערטריבען עמפּפינדליך, צוקראַכען.

sentimen'talise *v.* (סענ-טי-מענ'-טעל-איז) ז. ***sentimentalize***

sentimen'taliser *n.* (סענ-טי-מענ'-טעל-אי-זער) ז. ***sentimentalizer***

sentimen'talism *n.* (סענ-טי-מענ'-טעל-איזם) סענטימענטאַליזם, די נייגונג בעהערשט צו ווערען פון געפיהלען; סענטימענטאַליטעט, כלומר'שדיגע אָדער איבערטריבענע געפיהלפאָלקייט אָדער עמפּפינדליכקייט, צוקראַכענקייט.

sentimen'talist *n.* (סענ-טי-מענ'-טעל-איסט) אַ געפיהלפאָלער מענש; איינער, ביי וועמען די געפיהלען בעהערשען דעם פערשטאַנד; איינער וואָס האַלט, אַז די געפיהלען דאַרפען בעהערשען דעם קאַלטען פערשטאַנד; אַ סענטימענטאַלער, איבערטריבען=עמפּפינדליכער אָדער צוקראַכענער מענש.

sentimental'ity *n.* (סענ-טי-מענ-טעל'-אי-טי) סענטימענטאַליטעט, געפיהלפאָלקייט, שטאַרקע עמפּפינדליכקייט, כלומר'שדיגע אָדער איבערטריבענע עמפּפינדליכקייט אָדער געפיהלפאָלקייט.

sentimen'talize *v.* (סענ-טי-מענ'-טעל-איז) מאַכען סענטימענטאַל, צוגעבען אַ סענטימענטאַלען כאַראַקטער; שפּיעלען די ראָלע פון אַ שטאַרק=עמפּפינדליכען אָדער פיהלענדען מענשען, זיין סענטימענטאַל [איבערטריבען אָדער כלומר'שט געפיהלפאָל אָדער עמפּפינדליך, צוקראַכען].

sentimen'talizer *n.* (סענ-טי-מענ'-טעל-אי-זער) איינער וואָס איז סענטימענטאַל אָדער מאַכט דעם אנשטעל פון אַ סענטימענטאַלען מענשען. ז. ***sentimentalize***

sentimen'tally *adv.* (סענ-טי-מענ'-טעל-אי) אויף אַ סענטימענטאַלען אופן; מיט איבערטריבענער אָדער געמאַכטער געפיהלפאָלקייט אָדער עמפּפינדליכקייט; אויף אַ צוקראַכענעם שטייגער.

sen'tinel *n., a. and v.* (סענ'-טי-נעל) אַ וואַך=סאָלדאַט; אַ וואַך; בעוואַכענד, וואָס שטעהט אויף דער וואַך; שטעהן אויף דער וואַך; בעזאָרגען מיט אַ וואַך, אַוועקשטעלען אונטער אַ וואַך.

sen'try *n. and a.* (סענ'-טרי) אַ וואַך, אַ וואַך=סאָלדאַט; האַלטענד אַ וואַך, בעוואַכענד.

sen'try-board *n.* (סענ'-טרי-באָורד) אַ וואַך=פּלאַטפאָרם אויף אַ שיף.

sen'try-box *n.* (סענ'-טרי-באַקס) אַ וואַך=בודקע, אַ קאַראַאולקע, אַ וואַך=שטיבעל.

sen'za *prep.* (סענ'-טסאַ) — אין מוזיק אָהן [ביים אנצייגען ווי צו זינגען אָדער שפּיעלען, ווי אָהן טעמפּ א. ד. ג.].

sep'al *n.* (סעפּ'-על) — אין באָטאַניק דאָס קעלך=בלאַט, איינס פון די בלעטעלעך, פון וועלכע עס איז צוזאַמענגעשטעלט דאָס בלומען=בעכערעל.

sep'aline *a.* (סעפּ'-ע-לין) וואָס האָט די פאָרם פון אַ קעלך=בלאַט [איינס פון די בלעטעלעך, פון וועלכע עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט דאָס בלומען=בעכערעל].

sep'aloid *a.* (סעפּ'-ע-לאָיד) ווי אַ קעלך=בלאַט. ז ***sepal***

sep'alous *a.* (סעפּ'-ע-לאַס) וואָס איז שייך צו קעלך=בלעטלעך. ז. ***sepal***

separabil'ity *n.* (סעפּ-ע-רע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען זיין אַבגעטיילט; דאָס קענען אַבגעזונדערט ווערען.

sep'arable *a.* (סעפּ'-ע-רעבל) וואָס קען אַבגעזונדערט ווערען; וואָס קען אַבגעטיילט ווערען.

sep'arableness *n.* (סעפּ'-ע-רעבל-נעס) ז. ***separability***

sep'arably *adv.* (סעפּ'-ע-רע-בלי) אויף אַן אַבגעזונדערטער אַרט; דורך אַבטיילבאַרקייט.

sep'arate *v., a. and n.* (סעפּ'-ע-רייט) אַבשיידען, פאַנאַנדערטיילען, אַבטיילען, אַבזונדערען, פאַנאַנדערנעהמען, האַלטען בעזונדער; זיך אַבטיילען; אַבגעטיילט, פאַנאַנדערגענומען; אַבגעטיילט פון קערפּער, ניט קערפּערליך [ווי די נשמה]; אַבגעזונדערט; אויסגעטיילט, ניט פעראייניגט מיט אַנדערע; אינדיווידועל, פּריוואַט; אַן אַרטיקעל אָדער אַ טייל פון אַ ווערק וואָס ווערט אַבגעדרוקט און אַרויסגעלאָזען בעזונדער; אַ מיטגליעד פון אַן אַמעריקאַנער קאַלוויניסטישער סעקטע פון 18טען יאהרהונדערט.

sep'arately *adv.* (סעפּ'-ע-רייט-לי) בעזונדער; יעדער פאַר זיך.

sep'arateness *n.* (סעפּ'-ע-רייט-נעס) אַבגעזונדערטקייט, אַבגעטיילטקייט.

separa'tion *n.* (סעפּ-ע-ריי'-שאַן) די אַבטיילונג, די אַבזונדערונג, די שיידונג; אין כעמיע — די פאַנאַנדערטיילונג אָדער פאַנאַנדערלעגונג פון אַ זאַך אויף איהרע בעזונדערע עלעמענטען; אַ כעמישער אַנאַליז; דאָס זיין פאַנאַנדערגעטיילט אָדער צושיידט; אַ שיידונג פון מאַן און ווייב אָהן אַן אַפּיציעלען גט.

sep'aratism *n.* (סעפּ'-ע-רע-טיזם) סעפּאַראַטיזם, די שטרעבונג אַבצוטיילען זיך פון אַ געוויסער גרופּע אָדער אָרגאַניזאַציאָן.

sep'aratist *n. and a.* (סעפּ'-ע-רע-טיסט) אַ סעפּאַראַטיסט, איינער וואָס טיילט זיך אַב פון אַ בעשטימטער רעליגיעזער אָדער אַנדערער אָרגאַניזאַציאָן; איינער וואָס אַגיטירט פאַר אַבטיילונג; אין ענגלאַנד — אַ נאָמען, מיט וועלכען די יוניאָניסטישע פּאַרטיי רופט אַן איהרע געגנער, וועלכע פאָדערען זעלבסט=פערוואַלטונג פאַר אירלאַנד; וואָס איז שייך צו אַ סעפּאַראַטיסט אָדער צו סעפּאַראַטיזם. ז. ***separatism***

separatis'tic *a.* (סעפּ-ע-רע-טיס'-טיק) סעפּאַראַטיסטיש; וואָס איז שייך צו סעפּאַראַטיזם. ז. ***separatism***

sep'arative *a.* (סעפּ'-ע-ריי-טיוו) צושיידענד, אַבטיילענד; וואָס שטרעבט אַבצוטיילען; אין נאַטור=געשיכטע — אונטערשיידענד; וואָס דיענט אונטערצושיידען איין מין פון אַן אַנדערען.

sep'arator *n.* (סעפּ'-ע-ריי-טאָר) איינער אָדער עפּעס וואָס זונדערט אַב; אַ סעפּאַראַטאָר [אַן אַפּאַראַט, דורך וועלכען אַ געמיש ווערט פאַנאַנדערגעלעגט אויף זיינע בעזונדערע בעשטאַנד=טיילען].

sep'aratory *a. and n.* (סעפּ'-ע-ריי-טאָ-רי) וואָס רופט אַרויס אַ טיילונג אָדער שיידונג; אַ סעפּאַראַטאָר, אַ כלי וואָס דיענט פאַנאַנדערצושיידען די בעזונדערע עלעמענטען פון אַ געמיש.

sep'aratrix *n.* (סעפּ'-ע-ריי-טריקס) אַן אַבטיילונגס=ליניע אָדער פּונקט; אַ ליניע וואָס טיילט אַב ליכט פון שאָטען.

separa'tum *n.* (סעפּ-ע-ריי'-טאַם) אַ

בעזונדערער אבדרוק פון אן ארטיקעל אין אן זשורנאל, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון א וויסענשאפטליכער געזעלשאפט.

sepawn' *n.* (סע-פאהן') א מין קאשע פון קוקורוזע=מעהל; ז. *supawn*.

Sephar'dic *a.* (סע-פאר'-דיק) ספרדיש, וואס איז שייך צו די ספרדים. ז. *Sephardim*.

Sephar'dim *n.* (סע-פאר'-דים) די ספרדים, די שפאניש=פארטוגעזישע אידען [אין אונטערשייד פון די אשכנזים אדער די דייטש=פוילישע אידען].

Seph'iroth *n.* (סעפ'-אי-ראטה) די ספירות, די צעהן גייסטיגע אייגענשאפטען [כתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות], וועלכע— לויט די לעהרען פון קבלה — זיינען די השפעה פון דעם "אין סוף", די אונענדליכקייט אדער גאט, און דורך וועלכע די וועלט איז בעשאפען געווארען.

se'pia *n. and a.* (סי'-פי-א) סעפיא, א טונקעל=ברוינע פארב, וועלכע בעקומט זיך פון טינט=פיש; דער טינט=פיש; געמאכט מיט סעפיא [ווי א בילד]. ז. *cuttlefish*.

se'pic *a.* (סי'-פיק) געמאכט פון סעפיא; געמאלען מיט סעפיא [אזא טונקעל=ברוינע פארב]. ז. *sepia*.

se'piost *n.* (סי'-פי-אסט) דער ביין פון א טינט=פיש. ז. *cuttlefish*.

se'pium *n.* (סי'-פי-אם) ז. *sepiost*.

se'poy *n.* (סי'-פאי) א סיפאי [אן אינדישער סאלדאט אין דער ענגלישער ארמעע].

seppuk'u *n.* (סעפ-פוק'-או) ז. *hara-kiri*.

seps *n.* (סעפס) א מין שלאנגען=עהנליכע יאשטשערקע.

sep'sis *n.* (סעפ'-סיס) פוילונג, פערדארבונג; בלוט=פערגיפטונג דורך פוילען.

sept *n.* (סעפט) א שטאם, א שבט [בעזונדערס אין אירלאנד]; אן ארומגעצאמטער ארט, א צאם, א פארקאן.

Sept. אבקירצונג פון *September* אדער פון *Septuagint*.

sep'ta *n.* (סעפ'-טא) שייד=ווענטלעך. ז. *septum*.

sep'tal *a.* (סעפ'-טעל) וואס איז שייך צו א שטאם אדער שבט; וואס האט די פארם אדער כאראקטער, פון א שייד=ווענטעל.

sep'tan *a.* (סעפ'-טען) וואס קומט פאר אדער וואס טרעפט זיך יעדען זיבעטען טאג.

sep'tangle *n.* (סעפ'-טענגל) אין געאמעטריע — א זיבען=קאנטיגע און זיבען=ווינקעלדיגע פיגור.

septan'gular *a.* (סעפ-טענ'-גיו-לאר) זיבען=ווינקעלדיג, זיבען=קאנטיג.

sep'tate *a.* (סעפ'-טייט) וואס האט א שייד=ווענטעל אדער שייד=ווענטלעך; וואס האט אבטיילונגען אדער חדרים'לעך.

sep'tated *a.* (סעפ'-טיי-טעד) ז. *septate*.

septa'tion *n.* (סעפ-טיי'-שאן) פאנאנדערטיילונג, דאס מאכען אבצאמונגען אין א זאך דורך שייד=ווענטלעך.

Septem'ber *n. and a.* (סעפ-טעמ'-בער) דער מאנאט סעפטעמבער; וואס קומט פאר אין מאנאט סעפטעמבער.

Septem'bral *a.* (סעפ-טעמ'-ברעל) פון מאנאט סעפטעמבער.

Septem'brist *n.* (סעפ-טעמ'-בריסט) איינער וואס האט גענומען אן אנטייל אין דער הריגה פון די ארעסטירטע, וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו שווערען טריי=הייט דער קאנסטיטוציאן, אין דער צייט פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין סעפטעמבער 1792; א רוצח, א בלוטדורשטיגער מענש.

septe'mia *n.* (סעפ-טי'-מי-א) בלוט=פערגיפטונג; פוילונג.

septempar'tite *a.* (סעפ-טעמ-פאר'-טאיט) אין באטאניק — זיבען=טייליג, צוטיילט אין זיבען טיילען.

septem'vir *n.* (סעפ-טעמ'-וואיר) אין אלטען רוים — דער סעפטעמוויר, איינער פון זיבען בעאמטע, וועלכע פלעגען צוזאמענשטעלען א רעגיערונג אדער פערוואלטונג.

septem'virate *n.* (סעפ-טעמ'-ווי-רייט) אין אלטען רוים — דער סעפטעמוויראט, א רעגיערונג אדער פערוואלטונג פון זיבען פערזאנען.

septena'rius *n.* (סעפ-טע-ניי'-רי-אס) א זיבען=מעטריגעס געדיכט.

sep'tenary *a. and n.* (סעפ'-טע-נע-רי) וואס בעשטעהט פון זיבען; וואס פאסירט איין מאל אין זיבען יאהר; וואס דויערט זיבען יאהר; א גרופע פון זיבען זאכען.

sep'tenate *a.* (סעפ'-טע-נייט) אין באטאניק — וואס בעשטעהט פון זיבען טיילען [ווי געוויסע בלעטער].

septen'nate *n.* (סעפ-טענ'-אייט) א פעריאדע פון זיבען יאהר אדער אן איינריכטונג וואס דויערט זיבען יאהר.

septen'nial *a.* (סעפ-טענ'-אי-על) זיבען=יעהריג; וואס פאסירט איין מאל אין זיבען יאהר.

septen'nially *adv.* (סעפ-טענ'-אי-על-אי) אלע זיבען יאהר.

septen'nium *n.* (סעפ-טענ'-אי-אם) א פעריאדע פון זיבען יאהר.

Septen'trio *n.* (סעפ-טענ'-טרי-או) אין אסטראנאמיע — די קאנסטעלאציאן אדער שטערן=גרופע "דער גרויסער בער".

septen'trional *a.* (סעפ-טענ'-טרי-א-נעל) נארדליך, צפון=זייטיג.

septentrional'ity *n.* (סעפ-טענ-טרי-א-נעל'-אי-טי) דאס זיין אין צפון=זייט, די נארדליכע לאגע.

septen'trionally *adv.* (סעפ-טענ'-טרי-א-נעל-אי) צו צפון=צו, נארדליך; פון צפון.

septet' *n.* (סעפ-טעט') אין מוזיק — דאס סעפטעט, א מוזיק=פערפאסונג פאר זיבען שטימען אדער אינסטרומענטען; א כאר פון זיבען זינגער; א קאפעלע פון זיבען מוזיקאנטען.

sept'foil *n.* (סעפט'-פאיל) א פיגור פון זיבען לאפען אדער בלעטער; די טארמענטיל=וואורץ [אזא פלאנצע]. ז. *tormentil*.

sep'tic *a. and n.* (סעפ'-טיק) וואס ברייננט פוילנים; א שטאף וואס פעראורזאכט פוילונג.

sep'tical *a.* (סעפ'-טי-קעל) וואס פעראורזאכט פוילונג.

septice'mia *n.* (סעפ-טי-סי'-מי-א) סעפטיצעמיע, פוילנים אדער פוילונג [פון א גליעד].

septice'mic *a.* (סעפ-טי-סי'-מיק) וואס איז שייך צו סעפטיצעמיע אדער פוילונג [פון א גליעד].

sep'ticidal *a.* (סעפ'-טי-סאי-דעל) וואס איז געשפאלטען דורך א שייד=וואנד [וועגען פלאנצען].

sep'ticide *a.* (סעפ'-טי-סאיד) ז. *septicidal*.

septic'ity *n.* (סעפ-טיס'-אי-טי) די נייגונג ארויסצורופען פוילנים; פוילקייט.

septifa'rious *a.* (סעפ-טי-פיי'-רי-אס) זיבען=פאך.

septif'erous *a.* (סעפ-טיפ'-ע-ראס) וואס האט א שייד=ווענטעל [וועגען פלאנצען].

septif'luous *a.* (סעפ-טיפ'-לו-אס) זיבען=שטרעמיג, וואס פליסט אין זיבען שטראמען.

septifo'lious *a.* (סעפ-טי-פאו'-לי-אס) זיבען=בלעטערדיג; וואס האט זיבען בלעטער.

sep'tiform *a.* (סעפ'-טי-פארם) מיט זיבען געשטאלטען, זיבען=פערמיג; וואס האט די פארם פון א שייד=ווענטעל.

septilat'eral *a.* (סעפ-טי-לעט'-ע-רעל) זיבען=זייטיג.

septil'lion *n.* (סעפ-טיל'-יאן) א סעפטיליאן, א מיליאן וואס איז זיבען מאל גע'כפל'ט אויף זיך אליין [א סעפטיליאן איז אן איינס מיט 42 נולען].

sep'timal *a.* (סעפ'-טי-מעל) וואס איז שייך צו דער צאהל זיבען.

septimana'rian *n.* (סעפ-טי-מע-ניי'-רי-ען) א מאנאך וואס ווערט אנגעשטעלט אין קירכען=דיענסט אויף איין וואך.

sep'time *n.* (סעפ'-טים) — אין פעכטען דער סעפטים [א בעשטימטע לאגע פון פעכטער, ווען ער האלט די שווערד האריזאנטאל און די צווייטע האנד איז אויפגעהויבען]; אין מוזיק — דאס סעפטימא, דער זיבעטער טאן פון א גאמא.

septin'sular *a.* (סעפ-טינ'-שיו-לאר) בעשטעהענד פון זיבען אינזלען

sep'tisyllable *n.* (סעפ'-טי-סיל-עבל) א ווארט פון זיבען זילבען.

sep'ton *n.* (סעפ'-טאן) סעפטאן, אן אויסגעטראכטער עלעמענט, וועלכען מען האט אמאל געהאלטען אלס די אורזאכע פון פערפעסטונג אדער פערגיפטונג; לופט וואס ענטהאלט אין זיך וועניג זויערשטאף און פיעל פערגיפטענדע עלעמענטען.

septuagena'rian *n.* (סעפ-טיו-עדזש-ע-ניי'-רי-ען) א זיבעציג=יעהריגע פערזאן; א פערזאן אין דער עלטער צווישען זיבעציג און אכציג יאהר.

septuag'enary *a. and n.* (סעפ-טיו-עדזש'-ע-ניי-רי) זיבעציג=יעהריג; א זיבעציג=יעהריגע פערזאן.

septuages'ima *n.* (סעפ-טיו-ע-דזשעס'-אי-מא) א פעריאדע פון זיבעציג טעג.

septuages'imal *a.* (סעפ-טיו-ע-דזשעס'-אי-מעל) וואס בעשטעהט פון זיבעציג.

Septuages'ima Sun'day (סעפ-טיו-ע-דזשעס'-אי-מא סאנ'-דיי) דער דריטער זונטאג פאר דער קריסטליכער פאסט=צייט.

Sep'tuagint *n. and a.* (סעפ'-טיו-ע-דזשינט) די סעפטואגינטא [די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה וועלכע איז געמאכט געווארען פון צוויי און זיבעציג אידישע געלעהרטע אין דער צייט פון תלמי אדער פטאלאמעאוס פילאדעלפוס, קעניג פון מצרים אן ערך 270 יאהר פאר דער קריסטליכער צייט=רעכנונג]; וואס איז שייך צו דער סעפטואגינטא.

Septuagin'tal *a.* (סעפ-טיו-ע-דזשינ'-טעל) וואס בעציהט זיך אויף דער סעפטואגינטא [די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה].

sep'tum *n.* (סעפ'-טאם) אן שייד=ווענטעל; אן אבצאמונג.

sep'tuple *a. and v.* (סעפ'-טיופל) זיע=

בעז=פאך; זיעבען מאל אזוי פיעל; פער=
גרעסערען אין זיעבען מאל.
sep'ulcher *n. and v.* (סעפ'-אל-קער)
א קבר, א גרוב; בעגראבען, בעערדיגען,
מקבר זיין.
sepul'chral *a.* (סי-פאל'-קרעל) וואס איז
שייך צו א קבר; אויפגעשטעלט אויף א
קבר; וואס איז עהנליך צו א קבר, טיעף,
גרויזאם, מיט א פערשטיקטען קול; כמור=
נע, טרויריג.
sepul'chral voice (סי-פאל'-קרעל
וואיס) א דומפפע קבר=שטימע.
sep'ulchre *n. and v.* (סעפ'-אל-קער)
ז. *sepulcher*.
sepul'tural *a.* (סי-פאל'-טשו-רעל) וואס
איז שייך צו קבורה.
sep'ulture *n.* (סעפ'-אל-טשור) דאס בע=
גראבניס, די בעערדיגונג, די קבורה.
sequa'cious *a.* (סי-קהוויי'-שאס) פאל=
גענד, פאלגזאם, וואס איז גענייגט נאכ=
צופאלגען א פיהרער.
sequa'ciously *adv.* (סי-קהוויי'-שאס-
לי) נאכפאלגענדיג איינעם נאך'ן אנדערען.
sequa'ciousness *n.* (סי-קהוויי'-שאס-
נעס) פאלגזאמקייט, בויגזאמקייט; א ניי=
גונג נאכצופאלגען.
sequac'ity *n.* (סי-קהוועס'-אי-טי) די
פאלגזאמקייט, די בויגזאמקייט.
se'quel *n.* (סי'-קהוועל) די פארטזעצונג;
די פאלגע, דאס רעזולטאט; דער פועל
יוצא.
seque'la *n.* (סי-קהווי'-לא) איינער אדער
עטוואס וואס פאלגט נאך; א קראנקהייט
וואס איז די פאלגע פון א פריהעריגער
קראנקהייט.
se'quence *n.* (סי'-קהווענס) די פאלגע,
די נאכפאלגונג; די שטופען=פאלגע, די רייהע;
די קארטען=פאלגע [ווען איין האנד
זייגען פאראן עטליכע קארטען פון איין
מאסט, וועלכע געהען איינע נאך די אנדע=
רע, ווי למשל, א קעניג, א דאמע און אן
אונטער]; אין מוזיק — די סעקווענץ,
א מעלאדישער מאטיוו, וואס ווערט אי=
בערגע'חזר'ט עטליכע מאל אין א געוויסען
סדר.
se'quent *a. and n.* (סי'-קהווענט) פאל=
גענד, ארויסקומענד פון עפעס; נאכפאל=
גענד; דאס וואס פאלגט נאך עפעס אין
א געוויסען סדר.
sequen'tial *a.* (סי-קהווענ'-שעל) וואס
געהט נאך דער רייהע; נאכפאלגענד.
sequential'ity *n.* (סי-קהווענ-שי-על'-
אי-טי) די פאלגערונג, דאס פאלגען איינס
נאך דעם אנדערען אין א נאטירליכער
רייהע.
sequen'tially *adv.* (סי-קהווענ'-שעל-
אי) נאך דער רייהע, אין דער פאלגע.
seques'ter *v.* (סי-קהוועס'-טער) אבלע=
גען אן א זייט, אבטיילען; פעראורזאכען
ארויסצוגעהן פון עפענטליכען לעבען; אב=
זונדערען, דערווייטערען; אין געזעצגע=
בונג — סעקוועסטרירען, ארויפלעגען אן
ארעסט אויף א פערמעגען אדער אבנעהמען
עס צו אן אנדער פערזאן ביז די פראגע
וועגען איהם ווערט ענטשיידעט פון גע=
ריכט אדער ביז די חובות וואס ליעגען
אויף איהם ווערען אבגעצאהלט; קאנפיס=
קירען אן אייגענטום; זיך אבזאגען פון
אלע פרעטענזיעס אויף דעם מאַן'ס ירושה
[ווענען אן אלמנה].
seques'tered *a.* (סי-קהוועס'-טערד)
אויסגעטיילט, אבגעזונדערט, אבגעשיידט.
seques'trable *a.* (סי-קהוועס'-טרעבל)
וואס קען אבגעטיילט אדער אבגעזונדערט
ווערען.

seques'trate *v.* (סי-קהוועס'-טרייט)
סעקוועסטרירען, פערנעהמען אייגענטום איי=
גענטום ביז וואנען ער קומט נים דורך
מיט זיינע בעלי=חובות; קאנפיסקירען;
אבזונדערען, אבטיילען.
sequestra'tion *n.* (סי-קהוועס-טריי'-
שאן) אבזונדערונג, אבשיידונג; אבגע=
זונדערטקייט; אין געזעצגעבונג — סעק=
וועסטראציאן, דאס סעקוועסטרירען, דאס
אבנעהמען א זאך פון צווי שטרייטענדע
צדדים, ווען ביידע פערטענדירען, אז די
זאך בעלאנגט צו זיי; דאס אוועקלעגען
אן א זייט די חפצים פון א געשטארבענעם,
ווען קיינער וויל זיך נים אונטערנעהמען
צו פערוואלטען זיי; א צושריפט פון גע=
ריכט צום שעריף צו לעגען אן ארעסט
אדער קאנפיסקירען אייגענעם אייגענטום.
se'questrator *n.* (סי'-קהוועס-טריי-
טאר) א פערוואלטער פון אן אבגעשריבע=
נעם פערמעגען; איינער וועלכער נעהמט
איבער אימעצענס א פערמעגען ביז יע=
נער דעקט זיינע חובות אדער בעפריע=
דיגט די, וועלכע האבען א פרעטענזיע אויף
דעמזעלבען פערמעגען.
se'quin *n.* (סי'-קהווין) א סעקווין [אן
אלטע ווענעציאנישע גאלדענע מטבע].
Sequoi'a *n.* (סי-קהוואי'-א) א מין קאלי=
פארניער ריעזען=בוימער אדער מאמאטה=
בוימער [אזעלכע ריעזיגע בוימער אין
די זיד=וועסטליכע טיילען פון פעראיי=
ניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכע
דערגרייכען אפט ביז 300 פוס הויך און
90 פוס אין אומפאנג].
se'ra *n.* (סי'-רא) ביי די אלטע רוי=
מער — א שלאס, א שלעסעל.
seragl'io *n.* (סע-רעל'-יאו) דאס סעראל
[אין טערקיי — א פאלאץ ארומגערינ=
געלט מיט מויער=ווענד, הויפטזעכליך
דער הויפט פאלאץ פון דעם סולטאן, וואו
עס געפינט זיך אויך זיין הארעם]; א
הארעם; א פלאץ פאר געשלעכטליכען פער=
גניגען.
sera'i *n.* (סע-רא'-אי) א קאראוואן=
סאראי [אן אכסניה, א גאסט=הויז אין
אריענט]; א סעראל, א הארעם [ז.
seraglio].
seralbu'min *n.* (סיער-על-ביו'-מין)
בלוט איי=ווייס [דאס איי=ווייס וואס גע=
פינט זיך אין בלוט]. ז. *albumin*.
serang' *n.* (סע-רענג') אן אסט=אינדי=
שער באטסמאן [שיפס=אפיציער פון ניד=
ריגען ראנג].
Serapei'um *n.* (סער-ע-פי'-אם)
ז. *Serapeum*.
Serape'um *n.* (סער-ע-פי'-אם) א סע=
ראפיס=טעמפעל, א טעמפעל אין עגיפטען,
וואו מען פלעגט בעגראבען די פערהייליג=
טע אקסען [סעראפיס].
ser'aph *n.* (סער'-עף) א שרף [אזא
מלאך].
seraph'ic *a. and n.* (סע-רעפ'-איק)
וואס איז שייך צו די שרפים [אזעלכע
מלאכים]; הימליש, מלאך'ש; איבערמענש=
ליך; ריין; א סעקטאנט, א ברענענדיגער
אנהענגער, א פאנאטיקער.
seraph'ical *a.* (סע-רעפ'-אי-קעל) וואס
איז שייך צו די שרפים [אזעלכע
מלאכים]; מלאך'ש; הימליש, איבער=
מענשליך; ריין.
seraph'ically *adv.* (סע-רעפ'-אי-קעל-
לי) ווי א שרף, ווי די שרפים [אזעלכע
מלאכים]; מיט ברענענדער איבערגעבענ=
הייט אדער ליעבע.
ser'aphim *n.* (סער'-ע-פים) שרפים

[אזעלכע מלאכים. ז. *seraph*]; אזא
מאיל אדער מאטע=פליגעלע; א מין פער=
שטיינערטער קרעבס [ראק].
ser'aphims *n.* (סער'-ע-פימז) שרפים.
ז. *seraph*.
seraphi'na *n.* (סער-ע-פי'-נא)
ז. *seraphine*.
ser'aphine *n.* (סער'-ע-פין) א סערא=
פינע [א מין מוזיקאלישער אינסטרומענט
עהנליך צו א הויז=ארגעל].
Sera'pis *n.* (סע-ריי'-פיס) סעראפיס
[אין פאראייטיגען עגיפטען — אזא פער=
הייליגטער אקס; ביי די פארצייטיגע רוי=
מער און גריכען — דער גאט פון דער
אונטער=וועלט]; א מין קרעבסען אדער
ראקעס; א מין מאט=פליגעלע.
seraskier' *n.* (סער-עס-קיער') א סעראס=
קיער [א טערקישער גענעראל, דער טער=
קישער הויפט=קאמאנדיר פון דער ארמעע,
דער טערקישער קריעגס=מיניסטער].
seraskier'at *n.* (סער-עס-קיער'-עט)
דאס סעראסקיעראט [דאס צענטראל=ביורא
פון דעם טערקישען קריעגס=מיניסטעריום].
Serb *n. and a.* (סורב) א סערב, אן
איינוואהנער פון סערביען; די סערבישע
שפראך; סערביש.
Ser'bian *a. and n.* (סויר'-בי-ען)
ז. *Serb*.
ser'cel *n.* (סויר'-סעל) ז. *sarcel*.
ser'dab *n.* (סויר'-דעב) די סערדאב
[א פערבארגענע קעמערעל אין די אלט=
עגיפטישע קברים, וואו מען פלעגט הא=
לטען די סטאטוע אדער בילד פון פער=
שטארבענעם].
sere *a. and v.* (סיר) פערטרי=
קענט, פערדארט, פערוועלקט; ברענען,
סמאליען; טריקענען; פערדארבען; אב=
טעמפען, מאכען אונעמפפינדליך.
serein' *n.* (סע-רען') א זעהר דראבנער
שהוי=רעגען בעת דער הימעל איז לויטער
[אין די טראפישע לענדער].
sere'na *n.* (סע-ריי'-נא) אן אבענד=גע=
זאנג.
serenade' *n. and v.* (סער-ע-נייד') א
סערענאדע [אן אבענד=געזאנג, אבענד=
מוזיק, נאכט=מוזיק, הויפטזעכליך אלס אויס=
דרוק פון ליעבע אדער כבוד צו געליעב=
טער]; א מין ארקעסטער=מוזיק צום שפיע=
לען אויף דער פרייער לופט; זינגען אדער
שפיעלען א סערענאדע.
serena'der *n.* (סער-ע-ניי'-דער) א סע=
רענאדען=זינגער, א סערענאדען=שפיעלער.
ז. *serenade*.
serena'ta *n.* (סער-ע-נא'-טא) א מין
ארקעסטער=מוזיק בעשטימט צום שפיעלען
אויף דער פרייער לופט.
serene' *a., n. and v.* (סי-ריין') 1. קלאר,
לויטער, רוהיג, זאנפט; 2. קלארקייט, לוי=
טערקייט, זאנפטקייט, רוהיגקייט; 3. א
קלארער, לויטערער שטח [ווי פון הי=
מעל]; 4. מאכען קלאר, לויטער, רוהיג
אדער זאנפט.

1. He is living a serene retired life. 3. No cloud breaks the serene of the sky.

Serene' High'ness (סי-ריין' האי'-נעס)
דורכלויכט [אלס א טיטול].
serene'ly *adv.* (סי-רינ'-לי) מיט רוהיג=
קייט; אהן אויפרעגונג, מיט איבערלעגונג,
אויף א קאלטבלוטיגען שטייגער.
serene'ness *n.* (סי-רינ'-נעס) קלארקייט,
לויטערקייט; שטילקייט, רוהיגקייט.
sere'ness *n.* (סיר'-נעס) טרוקענקייט.
seren'itude *n.* (סי-רענ'-אי-טיוד) קלאר=
קייט, לויטערקייט; שטילקייט, רוהיגקייט.
seren'ity *n.* (סי-רענ'-אי-טי) קלארקייט,

לויטערקייט ; שטילקייט, רוהיגקייט ; דורכלויכט [אלס טיטול].

serf *n.* (סוירף) א לייב־אייגענער ; א פאנשטשיזניק ; א שקלאף.

serf'age *n.* (סוירפ׳-עדזש) ז. *serfdom*

serf'dom *n.* (סוירפ׳-דאם) לייב־אייגענשאפט, דאס זיין א לייב־אייגענער אדער פאנשטשיזניק ; שקלאפעריי.

serf'hood *n.* (סוירפ׳-הוד) ז. *serfdom*

serf'ism *n.* (סוירפ׳-איזם) ז. *serfdom*

serge *n.* (סוירדזש) סארזשע [א מין שטארקעס וואל־צייג].

ser'geancy *n.* (סאר׳-דזשענ-סי) ז. *sergeantship*

ser'geant *n.* (סאר׳-דזשענט) א סערזשאנט, אן אונטער־אפיציער, א וואכמייסטער, א פאליציסט פון העכערן ראנג ; א שעריף אדער שטייערן־קאלעקטאר [אין ווירדזשיניא, איינער פון די פראווינציאנטע שטאאטען פון אמעריקא] ; א דיענער, א מאנאסטיר־דיענער ; איינער פון אן עהרען־וואך, א בעגלייטער ; אין אירלאנד און ענגלאנד — אן אדוואקאט פון א הויכען ראנג ; א סערזשאנט־פיש [ז. *sergeant-fish*].

ser'geant-at-arms' *n.* (סאר׳-דזשענט-עט-ארמז׳) א בעוואפענטער בעגלייטער, א קעניגליכער בעדיענער אדער בעגלייטער ; אן עקזעקוטיווער בעאמטער אין א געזעצגעבענדער קערפערשאפט [וועלכער פיהרט דורך די בעפעהלע פון דער קערפערשאפט].

ser'geant at law (סאר׳-דזשענט עט לאה) אין אירלאנד און ענגלאנד — אן אדוואקאט פון העכערן ראנג.

ser'geantcy *n.* (סאר׳-דזשענט-סי) ז. *sergeantship*

ser'geant-fish *n.* (סאר׳-דזשענט-פיש) דער סערזשאנט־פיש [ווערט אזוי גערופען צוליעב זיינע שטרייפען, וועלכע דערמאהנען אן א סערזשאנט׳ס גאלאנען]. ז. *cobia*

ser'geant-ma'jor *n.* (סאר׳-דזשענט-מיי׳-דזשאר) א פעלדפעבעל, אן אויבער־סערזשאנט, אן אויבער־וואכמייסטער, א געהילפס־אדיוטאנט ; אזא פיש.

ser'geantry *n.* (סאר׳-דזשענט-רי) ז. *sergeantship*

ser'geantship *n.* (סאר׳-דזשענט-שיפ) דאס אמט פון א סערזשאנט. ז. *sergeant*

ser'geanty *n.* (סאר׳-דזשענ-טי) אן עהרענווירדיגע ארט פון פעאדאלער אונטערטעניגקייט [ווען דער פעאדאל איז אן אונטערטאן ניט פון א באראן, נאר דירעקט פון קעניג].

serge'-blue *n.* (סוירדזש׳-בלוה) ז. *soluble blue*

sergette' *n.* (סויר-דזשעט׳) אזא דינער סארזשע [א מין וואלען־צייג].

se'rial *a.* and *n.* (סי׳-רי-על) וואס פאלגט אין א רייה אדער סעריע ; וואס בעשטעהט פון א סעריע ; וואס איז שייך צו א סעריע ; פעריאדיש, וואס ערשיינט אין רעגעלמעסיגע פארטזעצונגען, טיילען אדער העפטען ; א ליטעראַרישע אויסגאבע וואס ערשיינט רעגעלמעסיג אין פארטזעצונגען, טיילען אדער העפטען.

serial'ity *n.* (סי-רי-על׳-אי-טי) דאס נאכפאלגען אין א רייה ; דאס צוזאמענשטעלען א סעריע, דאס בעשטעהן פון א סעריע ; דאס קומען אין רעגעלמעסיגע פארטזעצונגען, טיילען אדער העפטען [וועגען א ליטעראַרישען ווערק].

se'rially *adv.* (סי׳-רי-על-אי) אין א סעריע, אין א רייה, איינס נאך אנדערען.

se'riate *v.* and *a.* (סי׳-רי-אייט) איינארדנען אין א רייה אדער סעריע ; איינגעארדנעט אין א רייה אדער סעריע ; וואס קומט אין א רייה אדער סעריע.

se'riately *adv.* (סי׳-רי-אייט-לי) ז. *serially*

seria'tim *adv.* (סי-רי-איי׳-טים) ז. *serially*

seria'tion *n.* (סי-רי-איי׳-שאן) דאס בילדען א סעריע אדער רייה.

ser'icate *a.* (סער׳-אי-קייט) ז. *sericeous*

ser'icated *a.* (סער׳-אי-קיי-טעד) בעדעקט מיט א זיידענעם פוך.

seri'ceous *a.* (סי-ריש׳-יאס) זיידען, פון זייד, זיידענארטיג, זיידען־עהנליך.

ser'icicultural *a.* (סער׳-אי-סי-קאל-טשור-על) וואס איז שייך צו זייד־ווערים צוכט [קולטיווירונג פון זייד־ווערים].

ser'iciculture *n.* (סער׳-אי-סי-קאל-טשור) זייד־ווערים צוכט, קולטיווירונג פון זייד־ווערים.

ser'iciculturist *n.* (סער׳-אי-סי-קאל-טשור-איסט) א זייד־ווערים ציכטער, איינער וואס קולטיווירט אדער האדעוועט זייד־ווערים.

ser'icultural *a.* (סער׳-אי-קאל-טשור-על) ז. *sericicultural*

ser'iculture *n.* (סער׳-אי-קאל-טשור) ז. *sericiculture*

ser'iculturist *n.* (סער׳-אי-קאל-טשור-איסט) ז. *sericiculturist*

serie'ma *n.* (סער-אי-איי׳-מא) די סעריעמא [א מין זיד־אמעריקאנישער פויגעל, עהנליך צו א זשוראוול (קראניך) אדער צום אמעריקאנישען סעקרעטאר־פויגעל. ז. *secretary-bird*].

se'ries *n.* (סיע׳-ריעז) א סעריע, סעריעס, א רייה ; א גאנג [ווי פון ביכער א. ז. וו.] ; א גרופע ; אין געאלאגיע — א שיכט ; אין מאטעמאטיק — א פראגרעסיאן [ז. *progression*].

ser'if *n.* (סער׳-איף) דער קורצער דינער אויבערשטער אדער אונטערשטער קווערשטריך פון א בוכשטאב [ווי ביי **H I** א. ד. ג.].

ser'igraph *n.* (סער׳-אי-גרעף) אן אינסטרומענט צו פרובירען די איינפארמיגקייט פון רויהען זייד.

serim'eter *n.* (סע-רים׳-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שטארקייט פון זייד־פעדים.

ser'in *n.* (סער׳-אין) דער גירליץ אדער טשיזשיק [אזא קאנאריק־עהנליכער אייראפעאישער פויגעל].

serinette' *n.* (סער-אי-נעט׳) א פויגעל־ארגעל [א מין האנד־ארגעל צו לערנען פויגלען זינגען].

ser'in-finch *n.* (סער׳-אין-פינטש) א גירליץ אדער טשיזשיק [ז. *serin*] ; א קאנאריק.

serin'ga *n.* (סע-רינ׳-גא) דער בראזיליאנער קאוטשוק־בוים.

serin'ga-oil *n.* (סע-רינ׳-גא-אויל) דאס אויל פון דעם בראזיליאנישען קאוטשוק־בוים [ווערט געברויכט אין זייף און אין דרוק־פארב].

se'rio-com'ic *a.* (סי׳-רי-או-קאמ׳-איק) ערנסט־קאמיש, האלב־ערנסט האלב־קאמיש.

se'rio-com'ical *a.* (סי׳-רי-או-קאמ׳-אי-קעל) ז. *serio-comic*

se'rio-com'ically *adv.* (סי׳-רי-או-קאמ׳-אי-קעל-אי) אויף אן ערנסט־קאמישען שטייגער, האלב־ערנסט האלב קאמיש.

serio'so *adv.* (סיי-רי-או׳-סאו) אין מוזיק — ערנסט, פערטראכט.

se'rious *a.* (סי׳-רי-אס) ערנסט, סעריעז, וויכטיג.

se'riously *adv.* (סי׳-רי-אס-לי) אין ערנסט, מיט ערנסט.

se'riousness *n.* (סי׳-רי-אס-נעס) ערנסטקייט.

ser'iph *n.* (סער׳-איף) ז. *serif*

serj. אבקירצונג פון *serjeant*

ser'jeant *n.* (סאר׳-דזשענט) ז. *sergeant*

ser'jeantcy *n.* (סאר׳-דזשענט-סי) ז. *sergeantship*

sermoc'inal *a.* (סויר-מאס׳-אי-נעל) וואס איז שייך צום ריידען.

sermocina'tion *n.* (סויר-מאס-אי-ניי׳-שאן) א רעדענס־פארם וואס בעשטעהט אין דעם, דאס דער רעדנער שטעלט א פראגע און ענטפערט אויף איהר [ווי למשל: איז ער שולדיג? ניין, ער איז ניט שולדיג].

sermol'ogus *n.* (סויר-מאל׳-א-גאס) א זאמלונג פון דרשות פון די פאפסטען און פון די גרינדער פון דער קריסטליכער רעליגיאן.

ser'mon *n.* and *v.* (סויר׳-מאן) א פרעדיגט, א דרשה, א מוסר־דרשה ; פרעדיגען ; האלטען א דרשה ; זאגען מוסר.

sermoneer' *n.* (סויר-מא-ניער׳) ז. *sermonizer*

ser'moner *n.* (סויר׳-מאנ-ער) ז. *sermonizer*

ser'monet *n.* (סויר׳-מאנ-עט) א דרשה׳לע, א קורצער פרעדיגט.

ser'monette *n.* (סויר׳-מאנ-עט) ז. *sermonet*

sermon'ic *a.* (סויר-מאנ׳-איק) וואס טראגט דעם כאראקטער פון א דרשה אדער פרעדיגט.

sermon'ical *a.* (סויר-מאנ׳-אי-קעל) ז. *sermonic*

ser'moning *n.* (סויר׳-מאנ-אינג) דאס פרעדיגען, דאס דרשנ׳ען ; בעלעהרונג ; ראטה.

ser'monise *v.* (סויר׳-מאנ-איז) ז. *sermonize*

ser'moniser *n.* (סויר׳-מאנ-אי-זער) ז. *sermonizer*

ser'monist *n.* (סויר׳-מאנ-איסט) א פרעדיגער, א בעל דרשן, א פערפאסער פון דרשות.

ser'monize *v.* (סויר׳-מאנ-איז) דרשנ׳ען, האלטען א דרשה ; פרעדיגען ; מוסר׳ען ; פערפאסען דרשות.

ser'monizer *n.* (סויר׳-מאנ-אי-זער) א בעל דרשן, א פרעדיגער, א מוסר־זאגער ; א פערפאסער פון דרשות.

ser'mountain *n.* (סויר׳-מאונ-טיין) אזא אייראפעאישע בערג־לאזערקרויט [פלאנצע].

ser'muncle *n.* (סויר׳-מאנקל) ז. *sermonet*

seron' *n.* (סיי-ראון׳) א פאק פון 200 פונט פאראגוואי־טהעע אדער בראזילישע טהעע [אזא פלאנצע, וואס איהרע בלעטלעך ווערען געברויכט אלס טהעע] ; א פאק־קארב פאר ראזשינקעס, פייגען, מאנדלען א. ז. וו.

seroon' *n.* (סע-רוהן׳) א פאק־קארב פאר ראזשינקעס, פייגען, מאנדלען א. ז. וו.

seropu'rulent *a.* (סי-רא-פיו׳-רו-לענט) וואס בעשטעהט פון סערום [בלוט־וואסער,

דער וואסערדיגער טייל פון בלוט] און פון אייטער.

seros'ity *n.* (סי־ראס'־אי־טי) סערום, בלוט־וואסער, דער וואסערדיגער טייל פון בלוט; סראוועטקע; עטוואס וואס איז וואסערדיג; דער וואסערדיגער טייל פון עפּעס.

ser'otine *n.* (סער'־א־טין) די בלאסע פלעדערמויז [אזא קליינע אייראפּעאישע פלעדערמויז].

serot'inous *a.* (סי־ראט'־אי־נאס) שפּעט ארויסקומענד [וועגען פלאנצען].

se'rous *a.* (סי'־ראס) וואסערדיג; וואס ענטהאלט אדער טיילט אויס פון זיך סערום [בלוט־וואסער, דער וואסערדיגער טייל פון בלוט]; דאס אויסטיילען פון זיך סראוועטקע.

ser'pent *n., a. and v.* (סויר־פּענט) א שלאנג; א קריכענדע בעשעפעניש, א רעפּטיל; א סערפּענט [אזא געדרעהטער, שלאנגען־עהנליכער הילצערנער מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט]; א דראכען אדער שווערמער [אזא פייערווערק וואס דרעהט זיך אדער ברענט אין זיגזאגען]; א ביטרער, פאלשער אדער בייזער מענש; איינער וואס האט א בעצויבערענדען איינפלוס; קריכענד [ווי א שלאנג], עהנליך צו א שלאנג, זיך דרעהענד; זיך שלענגלענד; זיך שלענגלען, זיך דרעהען ווי א שלאנג; ארומדרעהען ארומוויקלען [ווי א שלאנג].



Serpent

Ser'pent *n.* (סויר־פּענט) אין אסטראנאמיע — דער שלאנגען־טרעגער [אזא שטערן־גרופּע].

serpenta'ria *n.* (סויר־פּענ־טיי'־רי־א) ז. ***serpentary***

Serpenta'rius *n.* (סויר־פּענ־טיי'־רי־אס) דער שלאנגען־טרעגער [אזא שטערן־גרופּע. ז. ***Serpent***]; דער מין שלאנגען־פרעסער אדער סעקרעטאר־פויגלען [אזעלכע פויגלען. ז. ***secretary-bird***].

ser'pentary *n.* (סויר־פּענ־טע־רי) דאס שלאנגען־גראז אדער דער ווירדזשיניער שלאנגען־ווארצעל [אזא פלאנצע].

ser'pentary-root *n.* (סויר־פּענ־טע־רי־רוהט) ז. ***serpentary***

Ser'pent-bear'er *n.* (סויר־פּענט־בעהר'־ער) ז. ***Serpent***

ser'pent-charm'er *n.* (סויר־פּענט־טשארמ'־ער) א שלאנגען־בעשווערער, א שלאנגען־בעצויבערער [איינער וואס בעצויבערט שלאנגען אדער בעהויפּטעט צו קענען בעצויבערען שלאנגען און זיי קאנטראלירען].

ser'pent-charm'ing *n.* (סויר־פּענט־טשארמ'־אינג) שלאנגען־בעצויבערונג. ז. ***serpent-charmer***

ser'pent-cu'cumber *n.* (סויר־פּענט־קיו'־קאמ־בער) די שלאנגען־אוגערקע [א מין לענגליכע ביזאם־מעלאן]. ז. ***muskmelon***

ser'pent-de'ity *n.* (סויר־פּענט־די'־אי־טי) דער שלאנגען־גאט [ביי די אפיטען, וואס האט פארגעשטעלט א קערפּער פון א מענשען מיט א קאפּ פון א פאלק אדער שפּארבער און מיט שלאנגען־עהנליכע פיס]. ז. ***Ophite***

ser'pent-ea'gle *n.* (סויר־פּענט־איע'גל) א מין פאלק [סאקאל] אדער שפּארבער.

ser'pent-ea'ter *n.* (סויר־פּענט־איע'־טער) א שלאנגען־פרעסער; א פויגעל אדער חיה וואס שפּייזט זיך מיט שלאנגען; דער סעקרעטאר־פויגעל [אזא פויגעל וואס עסט שלאנגען. ז. ***secretary-bird***].

ser'pent-fish *n.* (סויר־פּענט־פיש) ז. ***snake-fish***

ser'pent-god *n.* (סויר־פּענט־גאד) ז. ***serpent-deity***

serpen'tiform *a.* (סויר־פּענ'־טי־פארם) שלאנגען־פערמיג.

serpentig'enous *a.* (סויר־פּענ־טידזש'־ע־נאס) וואס קומט ארויס פון א שלאנג.

ser'pentine *a., n. and v.* (סויר־פּענ־טין) געשלענגעלט, געדרעהט; שלאנגען־פערמיג; עהנליך צו א שלאנג; ביטרע, פעררעטהעריש; וואס הויבט זיך אן און ענדיגט זיך מיט איין און דעמזעלבען ווארט [וועגען א שורה פון א געדיכט]; סערפּענטין אדער סערפּענטין־שטיין, שלאנגען־שטיין [אזא שטיין]; זיך שלענגלען, זיך דרעהען.

ser'pentinely *adv.* (סויר־פּענ־טין־לי) אזוי ווי א שלאנג.

ser'pentine verse (סויר־פּענ־טין ווארס) א שלאנגען־פערז [א שורה פון א ליעד וואס הויבט זיך אן און ענדיגט זיך מיט איין און דעמזעלביגען ווארט].

ser'pentine ware (סויר־פּענ־טין וועהר) א מין פאיאנס פון פערשיעדענע קאלירען, הויפּטזעכליך געשפּרענקעלט גרוי און גרין. ז. ***Wedgwood ware***

Serpentin'ian *n.* (סויר־פּענ־טינ'־אי־ען) אן אפיט, איינער פון דער פארצייטיגער סעקטע אפיטען. ז. ***Ophite***

serpentin'ic *a.* (סויר־פּענ־טינ'־איק) ז. ***serpentinous***

serpenti'ningly *adv.* (סויר־פּענ־טאי'־נינג־לי) ז. ***serpentinely***

serpentiniza'tion *n.* (סויר־פּענ־טינ־אי־זיי'־שאן) פערוואנדלונג אין סערפּענטין אדער שלאנגען־שטיין.

ser'pentinize *v.* (סויר־פּענ־טינ־איז) פערוואנדלען אין סערפּענטין אדער שלאנגען־שטיין.

ser'pentinous *a.* (סויר־פּענ־טינ־אס) עהנליך צו סערפּענטין אדער שלאנגען־שטיין [אזא שטיין].

ser'pentize *v.* (סויר־פּענ־טאיז) זיך דרעהען, זיך שלענגלען.

ser'pent-like *adv.* (סויר־פּענט־לאיק) שלאנגען־עהנליך, ווי א שלאנג.

ser'pentry *n.* (סויר־פּענ־טרי) דאס דרעהען זיך ווי א שלאנג, דאס שלענגלען זיך; א פּלאץ פול מיט שלאנגען; דאס שלאנגען־געשלעכט.

ser'pent's-tongue *n.* (סויר־פּענטס־טאנג) די נאטער־צונג [א מין פארן־פלאנצע אדער פּאפּאראטניק]; א מין פערשטיינערטער צאהן פון א פארצייטיגען האיפיש; א מין שווערד אדער דעגען מיט א פּאנאנדערגעטיילטען קלינג.

ser'pentwood *n.* (סויר־פּענט־הוואוד) דאס שלאנגען־בוימעל [אזא אסט־אינדישעס בוימעל, וואס זיין ווארצעל ווערט געברויכט אלס מיטעל געגען שלאנגען־גיפט און געגען אנדערע קראנקהייטען].

serpette' *n.* (סויר־פּעט') אן אויסגעבויגענעס מעסער צו בעשניידען ביימער און אנדערע פלאנצען.

serpig'inous *a.* (סויר־פּידזש'־אי־נאס) בעדעקט מיט א געוויסען מין לישאיעס [אזא הויט־קראנקהייט]; קריכענד, וואס געהט איבער פון ארט צו ארט [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

serpi'go *n.* (סויר־פּאי'־גאו) פּרעסענדע לישאיעס [אזא הויט־קראנקהייט].

ser'polet *n.* (סויר־פּא־לעט) דער ווילדער טימיאן. ז. ***thyme***

ser'pula *n.* (סויר־פּיו־לא) א רעהר־ווארים [א מין ים־ווארים וואס האלט זיך אין אזעלכע מושעל־עהנליכע רעהרען, וועלכע פלעכטען זיך צוזאמען]; א ווארים־רעהר [אין וועלכער די רעהר־ווערים האלטען זיך אויף]; א געפלעכטס פון ווארים־רעהרען.



Serpula

ser'pulan *n.* (סויר'־פּיו־לען) ז. ***serpulian***

serpu'lian *n.* (סויר־פּיו'־לי־ען) א רעהר־ווארים. ז. ***serpula***

ser'pulite *n.* (סויר־פּיו־לאיט) א סערפּוליט [א פערשטיינערטער ווארים־רעהר]. ז. ***serpula***

ser'ra *n.* (סער'־א) א זעג־עהנליכער טייל פון דעם קערפּער פון א חיה אדער פלאנצע.

serra'no *n.* (סע־ריי'־נאו) א מין אקון אדער בארש, דער ים־בארש [אזא פיש].

ser'rate *a.* (סער'־אייט) זעג־פערמיג, געצאקט, געקארבט, ציינעניג.

ser'rated *a.* (סער'־איי־טעד) ז. ***serrate***

ser'rate leaf (סער'־אייט ליעף) א בלאט מיט א געצאקטען, זעג־פערמיגען ראנד.

serra'tion *n.* (סע־ריי'־שאן) זעג־פערמיגקייט, געצאקטקייט, ציינעניגקייט; עהנליכקייט צו די ציינער פון א זעג.

ser'rature *n.* (סער'־ע־טשור) ז. ***serration***

ser'ried *a.* (סער'־איד) צוזאמענגעדרענגט, צוזאמענגעפּרעסט; וואס איז אין צוזאמענגעפּרעסטע רייהען.

serrif'erous *a.* (סע־ריפ'־ע־ראס) געצאקט, זעג־פערמיג; וואס האט געצאקטע אדער זעג־פערמיגע טיילען.

ser'riform *a.* (סער'־אי־פארם) ציינעניג, געצאקט, זעג־פערמיג [וועגען קערפּער־טיילען פון אינזעקטען].

ser'rulate *a.* (סער'־או־לייט) דין אדער דראבנע געצאקט, בעדעקט ווי מיט זעהר קליינע ציינדעלעך.

ser'rulated *a.* (סער'-או-לײ-טעד) ז. ***serrulate***.

serrula'tion *n.* (סער-או-לײ'-שאן) א דינג, דראבנע געצאַקטקייט; א דראבנע צאַקונג.

ser'ry *v.* (סער'-אי) צוזאַמענדרענגען, צוזאַמענפּרעסען.

se'rum *n.* (סי'-ראם) סערום, בלוט-וואַסער, סראַוועטקע, דער וואַסערדיגער טייל פון בלוט, מילך א. ז. וו.; דער כילאָס [דער זאַפט פון איבערגעקאָכטע שפּייזען, וואָס ווערט איבערגעקאָכט אין די געדערים, נאָכדעם ווי ער קומט פון מאָגען]; די בלוט-סערום פון א חיה, וועלכע איז בעשיצט געגען א געוויסער קראַנקהייט דורך דעם, וואָס מען האָט אין איהר דאָזענווייז אַריינגעשפּריצט די מיקראָבען, וועלכע פעראורזאַכען דיזע קראַנקהייט; אַנטיטאָקסין [ז. ***antitoxin***].

serv. אַבקירצונג פון ***servant*** אדער פון דעם לאַטיינישען וואָרט ***serva*** [האַלט, קאָנזערוויר] וואָס ווערט געברויכט אלס אן אויפשריפט אויף רעצעפּטען.

Serv. אַבקירצונג פון ***Servian*** אדער פון ***Servia***.

serv'able *a.* (סוירוו'-עבל) וואָס קען גענעבען ווערען, וואָס קען דערלאַנגט ווערען. ז. ***serve***.

ser'val *n.* (סויר'-וועל) דער סערוואַל, די אַפריקאַנישע טיגער-קאַץ [אַזא ווילדע קאַץ מיט א געפלעקטער פעל].

ser'valine *a.* (סויר'-וועל-אין) וואָס איז שייך צו א סערוואַל; ענליך צו א סערוואַל. ז. ***serval***.

ser'vant *n.* (סויר'-וועַנט) א דיענער, א בעדיענער; א דיענסט; א קנעכט.

ser'vant-girl *n.* (סויר'-וועַנט-גוירל) א דיענסט, א דיענסט-מיידעל.

ser'vant-maid *n.* (סויר'-וועַנט-מייד) א דיענסט-מיידעל.

ser'vant-man *n.* (סויר'-וועַנט-מען) א דיענער, א בעדיענער.

ser'vantry *n.* (סויר'-וועַנט-רי) דיענער-שאַפט.

ser'vant's-call *n.* (סויר'-וועַנטס-קאָהל) א פייפעל צו רופען די דיענער.

ser'vantship *n.* (סויר'-וועַנט-שיפּ) דאָס זיין א דיענער, די לאַגע פון א דיענער אדער קנעכט.

serve *v. and n.* (סוירוו) דיענען, זיין אונטערטעניג; בעדיענען, דערלאַנגען צום טיש; ערפילען געוויסע פפליכטען; פּראַווען גאָטעסדיענסט; דיענען אלס...; נוצען אלס...; זיך צופּאַסען צו..., זיין צוגעפּאַסט; בעהאַנדלען, זיך בענעהמען; אומגעהן מיט עמעס, ארבייטען מיט עמעס; גענוגען, זיין גענוג; בעפרידיגען; ארומבינדען עפּעס מיט שטריק [אויף שיפען]; איבערגעבען, דערלאַנגען [א געריכטליכע פאָדערונג א. ז. וו.]; האָבען געשלעכטליכען פערקעהר [ווענגען בהמות]; ווארפען צום ערשטען דעם באַל [אין טעניס-שפּיעל]; דאָס גיבען דעם ערשטען ווארף מיט'ן באַל אין טעניס-שפּיעל; דאָס רעכט צו גיבען דעם ערשטען ווארף מיט'ן באַל אין טעניס-שפּיעל.

serve an appren'ticeship (סוירוו ען ע-פּרענ'-טיס-שיפּ) זיין אין דער לעהרע [ביי א בעל מלאכה].

serve an attach'ment (סוירוו ען ע-טעטש'-מענט) ארויפלעגען אן ארעסט.

serve an of'fice (סוירוו ען אָפ'-איס) ערפילען די פליכטען פון אן אמט.

serve a proc'ess (סוירוו ע פּראָס'-עס) ז. ***serve a writ***.

serve a sen'tence (סוירוו ע סענ'-טענס) אַבקומען א געריכטס-שטראָף.
He served a sentence of eighteen months' hard labor.

serve a ta'ble (סוירוו ע טייבל) גרייטען צום טיש.

serve a turn (סוירוו ע טוירן) ענטשפּרעכען דעם צוועק, זיין גוט אדער צוגעפּאַסט צו דער געלעגענהייט.

serve a war'rant (סוירוו ע וואָר'-ענט) דערלאַנגען א פערהאַפטונגס-בעפעהל [א בעפעהל וועגען ארעסט].

serve a writ (סוירוו ע ריט) דערלאַנגען א געריכטליכען בעפעהל.

serve for (סוירוו פאָר) דיענען אלס..., פערנעהמען דעם פּלאַץ פון...
The sofa serves him for a bed.

serve no'tice (סוירוו נאָ'-טיס) 1. אָנזאָגען, לאָזען וויסען; 2. דערלאַנגען א געריכטס-איינלאַדונג.
1. The official was served with notice of dismissal.

serve one a trick (סוירוו וואַן ע טריק) אַבטהאָן איינעם א שפּיצעל.

serve one out (סוירוו וואַן אוט) בעשטראָפען, זיך נוקם זיין, אַנלערנען.

serve one right (סוירוו וואַן ראַיט) בעהאַנדלען ווי איינעם קומט; א מצוה!

serve one's time (סוירוו וואַנז טאַים) פערענדיגען די לעהר-צייט [ביי א בעל מלאכה].

serve out (סוירוו אוט) אויסטיילען, פאַנאַנדערטיילען.

serv'er *n.* (סוירוו'-ער) א דיענער, א בעדיענער; איינער וואָס בעדיענט אדער דערלאַנגט צום טיש; איינער וואָס דערלאַנגט אדער גיט איבער [ווי למשל, א געריכטס-בעפעהל]; עטוואָס וואָס דיענט צום דערלאַנגען ביים טיש [ווי למשל, א טאַץ]; אן ארויסהעלפער אדער בעדיענער פון א גלח; אין טעניס-שפּיעל — דער שפּיעלער וואָס גיט דעם ערשטען ווארף פון באַל.

serve the occa'sion (סוירוו טהי א-קיי'-זשאַן) זיין צוגעפּאַסט צו דער געלעגענהייט, נוצען ביי דער געלעגענהייט.

serve the pur'pose of (סוירוו טהי פּויר'-פּאָס אָוו) דיענען צו..., דיענען אלס..., פערנעהמען דעם פּלאַץ פון עפּעס.
A bent pin served the purpose of a fish-hook.

serve the same sauce (סוירוו טהי סיים סאָהס) זיך אַברעכענען מיט אימעצען, אַבצאָהלען מדה כנגד מדה.

serve time (סוירוו טאַים) זיצען אין געפענגניס.

serve up (סוירוו אַפּ) דערלאַנגען צום טיש.

serve writ of attach'ment (סוירוו ריט אָוו ע-טעטש'-מענט) ארויפלעגען אן ארעסט.

Ser'vian *a. and n.* (סויר'-ווי-ען) סערביש, וואָס איז שייך צו סערביען אדער צו די סערבען; א סערב, די סערבישע שפּראַך.

ser'vice *n.* (סויר'-וויס) דיענסט; געהארכזאַמקייט, אונטערוואַרפענהייט; דאָס דיענען, בעדיענונג; דאָס דערלאַנגען צום טיש; גאָטעסדיענסט; די זאַמלונג פון געזאַנגען ביי א גאָטעסדיענסט; נוצען; א געפעליגקייט, א טובה; א סערוויז, א טיש-גארניטור, א קרעדענץ, א גאַנג [ווי פון עסען]; א גאַנג געריכטען; א פּאַרציע [שפּייז אדער געטרענקע]; דאָס דערלאַנגען א געריכטליכען בעפעהל; אין טעניס-שפּיעל — דער ערשטער ווארף פון באַל; די קליינע שטריק, וועלכע מען וויקלט ארום א שיפס-שטריק; א צופיהר-ראָהר, א צווייג-ראָהר פון גאַז-בעלייכטונג אדער וואַסער-לייטונג [וואָס פערבינדט דעם הויפּט-ראָהר פון גאַס מיט דעם ראָהר פון א געביידע]; דער שפּערבער-בוים אדער ראָבינע [אן אייראָפּעאישער בוים מיט רויטע עסבאַרע יאַגדעס]; די שפּערבער-בוים יאַגדע.

serviceabil'ity *n.* (סויר-ווי-סע-ביל'-אי-טי) ז. ***serviceableness***.

ser'viceable *a.* (סויר'-וויס-עבל) 1. דיענליך, ניצליך; דיענסטוויליג, דיענסט-פערטיג; 2. דויערהאַפט, וואָס מען קען לאַנג געברויכען.
1. She bought a serviceable set of dishes.
2. Wool is the most serviceable fabric.

ser'viceableness *n.* (סויר'-וויס-עבל-נעס) דיענליכקייט, ניצליכקייט; דיענסט-וויליגקייט, דיענסטפערטיגקייט; דויערהאַפטיגקייט, דאָס קענען פיעל אדער לאַנג געברויכט ווערען.

ser'viceably *adv.* (סויר'-וויס-ע-בלי) אויף א ניצליכען אופן; מיט דיענסטוויליגקייט אדער דיענסטפערטיגקייט; אויף א דויערהאַפטען אופן.

ser'vice-ber'ry *n.* (סויר'-וויס-בער'-אי) די גאַרטען-ראָבינע אדער שפּערבער-בוים יאַגדע [אַזא רויטע עסבאַרע יאַגדע].

ser'vice-book *n.* (סויר'-וויס-בוק) א געבעט-בוך, א בוך פון גאָטעסדיענסטע.

ser'vice-box *n.* (סויר'-וויס-באָקס) א מין פערבינדונג פון דאַמפּף-רעהרען. ז. ***expansion-joint***.

ser'vice-clean'er *n.* (סויר'-וויס-קליינ'-ער) אַזא האַנד-לופט-פּומפּ צו רייניגען גאַז-רעהרען.

ser'vice-line *n.* (סויר'-וויס-לאַין) אין טעניס-שפּיעל — א ליניע געצויגען פּאַראַלעל צו דער נעץ [21 פוס ווייט פון דער נעץ];

ser'vice-magazine' *n.* (סויר'-וויס-מעג-ע-זין') א מין מיליטערישער אַמוניציאָנס-מאַגאַזין [פון זאַכען וואָס מען דאַרף האָבען צו דער האַנד].

ser'vice-pipe *n.* (סויר'-וויס-פּאַיפּ) א צופיהר-ראָהר, א צווייג-ראָהר פון גאַז-בעלייכטונג אדער וואַסער-לייטונג [וואָס פערבינדט דעם הויפּט-ראָהר פון גאַס מיט דעם ראָהר פון א געביידע].

ser'vice-tree *n.* (סויר'-וויס-טריע) דער שפּערבער-בוים אדער גאַרטען-ראָבינע [אַזא בוימעל]; די גאַרטען-ראָבינע אדער די שפּערבער-בוים יאַגדע.

Service-tree

ser'vient *a.* (סוירוו'-אי-ענט) אונטערגעאָרדענט.

serviette' *n.* (סער-ווי-עט') א סערוועטקע.

ser'vile *a. and n.* (סויר'-וויל) קנעכטיש, שקלאפיש; פערשקלאפט; אונטערגעווארפען, אונטערטהעניג, נידריג, געמיין; אין גראמאטיק — וואס בעלאנגט ניט צום ווארצעל פון ווארט, סעקונדאר, פון צווייטער בעדייטונג [וועגען א ווארט=טייל]; א שקלאף, א קנעכט; אין גראמאטיק — א ווארט=טייל, וואס בעלאנגט ניט צום ווארצעל פון ווארט.

ser'vilely *adv.* (סויר'-וויל-לי) אויף א קנעכטישען אדער שקלאפישען שטייגער; מיט אונטערטהעניגקייט אדער אונטערגעווארפענקייט; אויף א נידריגען, געמיינעם אופן.

ser'vileness *n.* (סויר'-וויל-נעס) ז. *servility*.

ser'vilism *n.* (סויר'-וויל-איזם) שקלאפעריי, די עקזיסטענץ פון א שקלאפען=קלאס.

servil'ity *n.* (סויר-וויל'-אי-טי) קנעכטישקייט, שקלאפישקייט, פערשקלאפטקייט, אונטערטהעניגקייט; נידריגקייט, געמיינהייט.

serv'ing *n.* (סוירוו'-אינג) בעדיענונג; דיענונג; דאס ארומדרעהען מיט קליינע שטריק [א שיפס=שטריק].

serv'ing-board *n.* (סוירוו'-אינג-באורד) א שטיק האלץ צום ארומוויקלען קליינע שטריק ארום שיפס=שטריק.

serv'ing-maid *n.* (סוירוו'-אינג-מייד) א דיענסט, א דיענסט=מיידעל.

serv'ing-mal'let *n.* (סוירוו'-אינג-מעל'-עט) אזא האלב=צילינדרישעס שטיקעל האלץ צום ארומוויקלען שטריקלעך ארום א שיפס=שטריק.

serv'ing-man *n.* (סוירוו'-אינג-מען) א דיענער, א בעדיענטער.

servi'tium *n.* (סויר-וויש'-אי-אם) א סערוויטוט. ז. *servitude*.

serv'itor *n.* (סוירוו'-אי-טאר) א דיענער, א בעדיענטער; אן ארימער סטודענט וואס פלעגט בעדיענען ביים טיש די אנדערע סטודענטען [פארצייטענס אין אקספארדער אוניווערזיטעט].

serv'itorship *n.* (סוירוו'-אי-טאר-שיפ) די לאגע פון א סטודענט וואס האט בעדיענט די אנדערע סטודענטען [פארצייטענס אין אקספארדער אוניווערזיטעט].

serv'itude *n.* (סוירוו'-אי-טיוד) קנעכטשאפט, שקלאפעריי; דאס זיין א דיענער; אונטערגעווארפענקייט, פערשקלאפטקייט; צוואנג=ארבייט; א סערוויטוט [א געוויסעס רעכט אויף פרעמדען גרונד=אייגענטום, ווי דאס רעכט דורכצוגעהן, צו פאשען בהמות א. ז. וו.].

serv'itus *n.* (סוירוו'-אי-טאס) א סערוויטוט. ז. *servitude*.

servt. אבקירצונג פון *servant*

ses'ame *n.* (סעס'-ע-מי) דער סעזאם אדער דער קונטשוט [אזא פלאנצע. ז. *bene*].

ses'ame-oil *n.* (סעס'-ע-מי-איל) סעזאם=אויל. ז. *bene*.

ses'amoid *a. and n.* (סעס'-ע-מאיד) אין אנאטאמיע — עהנליך צו סעזאם=קערנער, גוזעוואטע, קניפעלדיג [הויפטזעכליך וועגען די פערהארטונגען אדער גוזיקעס אין כראמשקע. ז. *sesame*]; א סעזאם=ביינדעל [א כראמשקע=ביינדעל, א כראמשקע=פערהארטונג]

sesamoi'dal *a.* (סעס-ע-מאי'-דעל) עהנליך צו סעזאם=קערנער, גוזעוואטע, קניפעלדיג. ז. *sesamoid*.

ses'amoid bone (סעס'-ע-מאיד באון) א סעזאם=ביינדעל [א כראמשקע=ביינדעל, א כראמשקע=פערהארטונג].

sesamoidi'tis *n.* (סעס-ע-מאי-דאי'-טיס) ענטצינדונג פון די סעזאם=ביינדלעך אין דעם אנטערשטען געלענק פון א פערד'ס פוס. ז. *sesamoid bone*.

ses'ban *n.* (סעס'-בען) די סעסבאניע [אזא שעהנער קוסט פון די ווארימע לענדער מיט א ווייכען האלץ].

sescun'cia *n.* (סעס-קאנ'-שי-א) אין אלטען רוים — א געוויכט פון אן אונץ מיט א האלב.

ses'eli *n.* (סעס'-ע-לי) דער סעסעל אדער בערג=אוקראפ [אזא פלאנצע מיט ברייטע בלומען=בלעטלעך און ווייסע בלומען].

Se'sha *n.* (סיי'-שא) אין דער אסט=אינדישער מיטאלאגיע — סיישא, דער קעניג פון די שלאנגען [א הונדערט=קעפיגע שלאנג, אויף וועלכער עס האלט זיך כלומרשט די וועלט].

sesquial'ter *n.* (סעס-קהווי-על'-טער) א גרויסער פלעק אויף די פליגעלעך פון געוויסע זומער=פויגעלעך וואס שליסט אין זיך איין א קלענערען.

sesquial'teral *a.* (סעס-קהווי-על'-טע-רעל) וואס איז אנדערטהאלבען מאל מעהר.
9 to 6 is a sesquialteral ratio.

sesquial'terate *a.* (סעס-קהווי-על'-טע-רייט) ז. *sesquialteral*.

sesquial'terous *a.* (סעס-קהווי-על'-טע-ראס) ז. *sesquialteral*.

sesquiba'sic *a.* (סעס-קהווי-ביי'-סיק) אין כעמיע — וואס בעצייכענט א זאלץ, וואס ענטהאלט אנדערטהאלטען עקוויוואלענטען פון דער באזע צו יעדען עקוויוואלענט פון דער זויערע.

sesquicenten'nial *a. and n.* (סעס-קהווי-סענ-טענ'-אי-על) הונדערט=און=פופציגסטער; וואס איז שייך צו אנדערטהאלבען יאהרהונדערט אדער צו א פעריאדע פון 150 יאהר; א הונדערט=פופציג=יעהריגער יובילעאום.

sesquidu'ple *a.* (סעס-קהווי-דיו'פל) וואס איז פיערטהאלבען מאל מעהר.

sesquidu'plicate *a.* (סעס-קהווי-דיו'-פלי-קייט) וואס איז דריטהאלבען מאל מעהר, וואס געפינט זיך אין דער בעציהונג פון 2½ צו 1 אדער פון 5 צו 2.

sesquino'nal *a.* (סעס-קהווי-נאו'-נעל) אין דער פראפארציע פון 10 צו 9.

sesquiocel'lus *n.* (סעס-קהווי-א-סעל'-אס) ז. *sesquialter*.

sesquioc'taval *a.* (סעס-קהווי-אק'-טע-וועל) אין דער פראפארציע פון 9 צו 8.

sesquiox'id *n.* (סעס-קהווי-אק'-סיד) א צוזאמענזעצונג פון זויערשטאף מיט אן אנדער עלעמענט אין א פראפארציע פון דריי אטאמען זויערשטאף צו צוויי אטאמען פון צווייטען עלעמענט.

sesquiox'ide *n.* (סעס-קהווי-אק'-סאיד) ז. *sesquioxid*.

ses'quipedal *a.* (סעס'-קהווי-פעד-על) ז. *sesquipedalian*.

sesquipeda'lian *a.* (סעס-קהווי-פי-דיי'-ליען) וואס האלט אנדערטהאלבען פוס; אונגעהייער לאנג [וועגען ווערטער]; וואס האט ליעב צו געברויכען לאנגע ווערטער.

sesquipeda'lianism *n.* (סעס-קהווי-פי-דיי'-ליען-איזם) דאס זיין אנדערטהאלבען פוס לאנג; אונגעהייערע לענג פון ווערטער; געברויך פון אונגעהייער לאנגע ווערטער.

sesquiped'alism *n.* (סעס-קהווי-פעד'-על-איזם) ז. *sesquipedalianism*.

sesquipedal'ity *n.* (סעס-קהווי-פי-רעל'-אי-טי) דאס האלטען אנדערטהאלבען פוס; איבערטריבענע אדער אונגעוועהנליכע גרויס; געברויך פון צו לאנגע ווערטער.

sesquip'licate *a.* (סעס-קהוויפ'-לי-קייט) וואס בעצייכענט א בעציהונג פון א קוב צו א קוואדראט.

sesquiquar'tal *a.* (סעס-קהווי-קהוואהר'-טעל) אין דער פראפארציע פון 5 צו 4.

sesquiquin'tal *a.* (סעס-קהווי-קהווינ'-טעל) וואס געפינט זיך אין בעציהונג פון 6 צו 5.

sesquisep'timal *a.* (סעס-קהווי-סעפ'-טי-מעל) וואס געפינט זיך אין בעציהונג פון 8 צו 7.

sesquisex'tal *a.* (סעס-קהווי-סעקס'-טעל) וואס געפינט זיך אין בעציהונג פון 7 צו 6.

sesquisul'phid *n.* (סעס-קהווי-סאל'-פיד) א כעמישע פערבינדונג פון שוועבעל מיט אן אנדער עלעמענט אין דער פראפארציאן פון דריי אטאמען שוועבעל און צוויי אטאמען פון דעם אנדערען עלעמענט.

sesquiter'tial *a.* (סעס-קהווי-טויר'-שעל) ז. *sesquitertian*.

sesquiter'tian *a.* (סעס-קהווי-טויר'-שען) וואס געפינט זיך אין בעציהונג פון 4 צו 3.

ses'quitone *n.* (סעס'-קהווי-טאון) אין מוזיק — די קליינע טערציע [אן אינטערוואל פון אנדערטהאלבען טענער].

sess *n.* (סעס) א שטייער; אין דער זייף=פאבריקאציאן — א פורעם אבצוקיהלען די זייף.

ses'sile *a.* (סעס'-איל) וואס איז דירעקט פערבונדען [וועגען בלעטער און בלומען וואס האבען ניט קיין פערבינדונגס=שטענגעל אדער וועגען קערפער=טיילען וואס האבען א פלאכע און ברייטע פערבינדונג מיט'ן קערפער].

ses'sion *n.* (סעש'-אן) א זיצונג, א סעסיע; אסיפה; די צייט פון דער זיצונג אדער אסיפה.

ses'sional *a.* (סעש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א סעסיע, זיצונג אדער אסיפה.

ses'sional or'ders (סעש'-אנ-על אהר'-דערז) פארלאמענטארישע רעגולאציאנען אנגענומען ספעציעל פאר איין סעסיע [זיצונג].

ses'terce *n.* (סעס'-טוירס) ז. *sestertius*.

sester'tius *n.* (סעס-טויר'-שי-אס) א סעסטערציע [א פארצייטיגע רוימישע בראנזענע אדער זילבערנע מטבע].

ses'tet *n.* (סעס'-טעט) א סעסטעט אדער סעקסטעט [א מוזיק=שטיק פאר זעקס שטימען אדער זעקס אינסטרומענטען]; די לעצטע זעקס שורות פון א סאנעט [ז. *sonnet*].

sestet'to *n.* (סעס-טעט'-טא) ז. *sextet*.

sesti'na *n.* (סעס-טי'-נא) א סעסטינע [א סטאנזא פון זעקס שורות אדער אזא געדיכט פון זעקס סטאנזאס צו זעקס שורות אין יעדער].

ses'tine *n.* (סעס'-טין) ז. *sestina*.

set *v., a. and n.* (סעט) זעצען, אריינזעצען; שטעלען, אריינשטעלען; אויפשטעלען; זעצען בריהען אויף אייער; אנשטעלען [אויף א פלאץ]; פלאנצען, איינפלאנצען, אויפהויבען, אוועקשטעלען אין א שטעהענדער פאזיציאן; שטעלען אין אן אונבעוועגליכער לאגע אדער פארם; אבשטעלען; ריכטען צו א געוויסען פארויסבעטראכטען פונקט אדער צוועק [ווי די געפיהלען, דעם ווילען]; בעשטימען, פעסט=

זעצען, ארדנען; שטעלען א פּרייז, בעשטימען דעם ווערטה; איינלעגען געלד, וועטען; שטעלען אין קאָן; צוריכטען עפּעס צום געברויך; צוגרייטען צו דער ארבייט, אראנזשירען, פּערפערטיגען; אנשטעלען אדער אנשארפען די צייהנער פון א זעג; ארויסטרעטען אין א געוויסער ריכטונג פון בעוועגונג אדער טהעטיגקייט; בריינגען צו א געוויסען צושטאנד; שטעלען אין א פּערלעגענהייט; אין דרוקעריי — זעצען שריפט; אין מוזיק — אנשטעלען דעם טאָן; צופּאסען ווערטער צו נאָטען; זינקען, אונטערגעהן [ווי די זון]; זיך פערוואנדלען פון א פליסיגקייט אין א סאָלידען קערפּער, גערינען ווערען, זיך פערהארטעווען; זיך אבזעצען; שטייף ווערען; זיך אויסבייגען [וועגען א וואנטקע]; פליסען אדער שטרעמען אין א געוויסער ריכטונג; זיך גייען; זיך נעהמען פאר עפּעס; טהאָן עפּעס, אנווענדען די כחות; ארויסשפּראָצען, אנהויבען וואקסען; זיצען [אויף אייער, ווי א הוהן]; זיך פּאסען [ווי א קלייד]; געזעצט, שטייף ביי זיך, ניט בויגזאם, פעסט געשלאָסען; געארדענט, פעסטגעזעצט, בעשטימט; גוט בעטראכט, מיט א פאראויסגעזעצטען פּלאן; שטייף, סאָליד, אונבעוועגליך; איינגעזעצען אין א געוויסען פּלאץ; צוזאמענגעשטעלט; געבויט; געמאכט; א גאנג, א גרופּע, א סעריע, א קלאס; א קאמפּאניע, א באנדע, א קליקע; דאס זעצען, דאס צוגעבען א בעשטימטע פארם, פאזיציאָן אדער ריכטונג; די ריכטונג פון עפּעס; דער קורס, די בעוועגונג, די טענדענץ; אן אויסבייגונג; גלייכפערמיגקייט, צופּאסונג; דאס זעצען, דער אונטערגאנג [ווי פון דער זון]; אן ערשט-ארויסגעשפּראָצטע יונגע פלאנצע; די קנאספּע אדער דאס אויגעל וואס שפּראָצט ארויס פון א פלאנצע; די צופּאסונג [ווי פון א קלייד]; א גארניטור, א גאנג; א גארניטור מעבעל, א טיש-גארניטור, א סערוויז.

se'ta *n.* (סי'-טא) א דיקע שטייפע האר; א חזיר-האר.

set about' (סעט ע-באוט') אריינטערעטען; אנפאנגען; זיך נעהמען צו עפּעס.
I am going to set about my business.

set above' (סעט ע-באוו') העכער שטעלען אלס...

set abroad' (סעט ע-בראהד') בעקאנט מאכען, פערברייטען.
A rumor of the President's illness was set abroad.

seta'ceous *a.* (סי-טיי'-שיאס) וואס איז בעדעקט מיט שטייפע שטעכעדיגע האר [ווי חזיר-האר].

set afire' (סעט ע-פאיר') אנצינדען, פערברענען.

set aflame' (סעט ע-פליים') אנצינדען, פערברענען.

set afloat' (סעט ע-פלאוט') אבפאהרען [אויף דעם וואסער]; לאזען שווימען.

set against' (סעט ע-גענסט') געגענשטעלען; ארויסרופען כעס אדער פערביטערונג פון איינעם געגען אנדערען.
He sets one friend against another.

set agape' (סעט ע-גייפּ') ערשטוינען אימעצען.

set agog' (סעט ע-גאג') אנרייצען.

set a lim'it (סעט ע לימ'-איט) עפּעס בעשריינקען; שטעלען א ציעל צו עפּעס.

set an exam'ple (סעט ען עג-זעמ'פּל) טהאָן עפּעס אזוי, עס זאל דינען אלס מוסטער; געבען א ביישפּיעל.

set a pa'per (סעט ע פּיי'-פּער) אין די אוניווערזיטעטען — צוגרייטען אן עקזאמענאציאָנס-פּאפּיער.

set apart' (סעט ע-פּארט') פאנאנדער-טיילען, אבזונדערען.

set aright' (סעט ע-ראיט') צורעכט מאכען, איינארדנען.

set aside' (סעט ע-סאיד') אבלעגען אן א זייט; פערווארפען; מאכען צו נישט.

set at bay (סעט עט ביי) איינעם שטעלען אין א שלעכטער לאגע.

set at defi'ance (סעט עט די-פאי'-ענס) ניט מורא האבען; זיך געגענשטעלען.

set at ease (סעט עט איעז) בערוהיגען; צופריעדען שטעלען; מאכען בעקוועם.

set a time (סעט ע טאים) בעשטימען א צייט.

set at lib'erty (סעט עט ליב'-ער-טי) ארויסלאזען פון געפענגניס; בעפרייען.

set at naught (סעט עט נאהט) מאכען צו גארנישט; האלטען פאר א קלייניגקייט.

set awork' (סעט ע-וואירק') זיך נעהמען צו דער ארבייט; בעשעפטיגען.

set'-back *n.* (סעט'-בעק) 1. א צוריק-פאל; א צוריקשפּרונג; א צוריקשטויסונג; 2. אין ארכיטעקטור — א פלאכער אבזאץ אין א וואנד.
1. The party received a set-back in the last campaign.

set back (סעט בעק) צוריקזעצען; צוריקשטויסען.

set before' (סעט בי-פאור') ארויסשטעלען, ארויסווייזען; שטעלען אויף'ן טיש צום עסען אדער טרינקען.

set'-bolt *n.* (סעט'-באולט) א טרייב-באלץ [א באלץ וואס ווערט בענוצט ארויסצוקלאפּען אן אנדער באלץ], א קאפּ-באלץ, א שרויף-באלץ.

set by (סעט באי) אוועקלעגען אן א זייט; דערווייטערען; פערווארפען.

set close (סעט קלאוס) זעצען געדיכט [וועגען שריפט-זאץ].

set down (סעט דאון) 1. אראבזעצען, אראבלעגען [א משא]; 2. נאטירען, פערצייכענען, פערשרייבען עפּעס; 3. צושרייבען א מיין אדער בעדייטונג; 4. רעכענען, האלטען, מיינען; אויסזידלען, שטארק טאדלען.
3. You may set his silence down to diffidence.

set'-down *n.* (סעט'-דאון) דאס אנזייפען א קאפּ, דאס גוט אויסזידלען.

set eyes on (סעט איז אן) א בליק ווארפען אויף עפּעס אדער אימעצען.

set fire to (סעט פאיר טו) אונטערצינדען, פערברענען.

set foot on (סעט פוט אן) בעטרעטען, ארויפטרעטען מיט'ן פוס.
Columbus was the first to set foot on American soil.

set forth (סעט פאורטה) ציינען, ווייזען, בעווייזען; בעקאנטמאכען; ארויסגעבען [א בוך]; דערהויבען, ריהמען, רעקאמענדירען; אראנזשירען, שטעלען אין ארדנונג, ארויסשטעלען; אנהויבען מארשירען, ארויסטרעטען פאָרווערטס.

set for'ward (סעט פאר'-הווארד) געהן פאָרווערטס; טרייבען ווייטער; אנטרייבען.

set free (סעט פריע) פריי לאזען, בעפרייען.

set go'ing (סעט גאו'-אינג) בריינגען אין גאנג, לאזען געהן.

setif'erous *a.* (סי-טיפ'-ע-ראס) פון בארשט-האר; בעוואקסען מיט בארשט-האר [ווי א חזיר].

se'tiform *a.* (סי'-טי-פארם) וואס איז עהנליך צו הארטע שטייפע האר; וואס האט די פארם פון חזיר-האר.

setig'erous *a.* (סי-טידזש'-ע-ראס) ז. ***setiferous***.

set in (סעט אין) 1. מאכען איינעם צו טהאָן עפּעס; מאכען אן אנהויב; 2. אנפאנגען; זיך אנהויבען; 3. זיך פעסטשטעלען אין א געוויסען צושטאנד; 4. פליסען אין דער ריכטונג צום ברעג; ווערען גערעכטעט צו עפּעס; 5. ווידער בעווייזען זיך נאך א צייט פון פערשווינדונג [ווי א מחנה פיש].
1. Please assist and set me in. 2. In England winter usually sets in about December. 3. The weather was set in very cold.

set'-in *n.* (סעט'-אין) אן אנהויב, דאס אנפאנגען.

set in mo'tion (סעט אין מאו'-שאן) בריינגען אין בעוועגונג.

set in or'der (סעט אין אהר'-דער) בריינגען אין ארדנונג; אראנזשירען; זעהן אז עפּעס זאל דורכגעפיהרט ווערען.

set in read'iness (סעט אין רעד'-אי-נעס) מאכען גרייט.

set law at defi'ance (סעט לאה עט די-פאי'-ענס) זיך געגענשטעלען דעם געזעץ.

set off (סעט אף) 1. בעציערען, בעשענען; 2. אונטערשטרייכען, ארויסצייגען בולט'ער [ארויסשטעלענדיג אלס קאנטראסט צו עפּעס]; 3. געגענשטעלען, ארויסשטעלען אלס א געגען-געוויכט; 4. אבמארקירען, אבצייכנען, פאנאנדער-טיילען דורך א ליניע; 5. עקספּלאדירען, אויסשיסען; 6. ארויספאהרען, אבפאהרען; 7. אין דרוקעריי — פערשמירען, פערפּאטשקען [וועגען דרוק-טינט, וואס האט זיך נאך נים אבגעטריקענט אויף דעם ערשט-אבגעדרוקטען בויגען פּאפּיער און קען פערשמירען דעם צווייטען בויגען וואס לעגט זיך אויף איהם].
2. The garment is made to set off the wearer. 3. A man on trial is not allowed to set off his good actions against his crimes. 6. Is it true that you are setting off without taking leave of your friends?

set'-off *n.* (סעט'-אף) א פּערציערונג, אן ארנאמענט; אין ארכיטעקטור — אן אבזאץ אדער האריזאנטאלע ארויסשטארצונג פון א מויער-וואנד; א געגענשטעלונג; א געגען-פאדערונג; אין געזעצגעבונג — דאס געגען-געוויכט פון איין חוב געגען אן אנדערען; די פאדערונג פון א בעל-חוב אבצושאפען זיין שולד דורך דעם, וואס דער קרעדיטאר איז איהם שולדיג געלד; אין דרוקעריי — די דורכשלאגונג פון דרוק-טינט אויף דער אנדערער זייט פון פּאפּיער.

set on (סעט אן) אויפהעצען, אנרייצען; אנפאנגען, אנהויבען; פערנעהמען זיך מיט עפּעס; אטאקירען, אנגרייפען.

se'ton *n.* (סי'-טאן) א פאדים אדער האר וואס ווערט דורכגעצויגען מיט א נאדעל דורך דער הויט פון קערפּער.

set on edge (סעט אן עדזש) 1. שטעלען אויף'ן ראנד אדער ברעג [ווי א פלאכער שטיין, וואס איז געשטעלט משופע]; 2. זיין שטארק אנגעשטרענגט.
2. We were all set on edge on election night.

set one's cap at (סעט הוואנז קעפּ עט) זוכען געפעלען צו זיין [וועגען א פרוי בנוגע צו א מאן]; סטארען זיך אז יענער זאל מיט איהר חתונה האבען.
She sets her cap at him.

set one's face (סעט הוואנז פייס) זיך ווענדען צו א בעשטימטען ארט; פעסט בעשליסען.

set one's face against' (סעט הוואנז פּייס ע-געגסט) אַרויסציינען אונצופריע־דענהייט מיט עפּעס; ניט גינסטיג זיין צו עפּעס; זיין דאַגעגען.

set one's hand to (סעט הוואנז הענד טו) זיך אונטערשרייבען אָדער אונ־חתמ'ענען.

set one's heart at rest (סעט הוואנז האַרט עט רעסט) זיך בערוהיגען; זיך צופריעדען שטעלען.

set one's heart on (סעט הוואנז האַרט אָן) פערלאַנגען שטאַרק, האָבען אַ שטאַר־קען חשק צו עפּעס.

set one's seal to (סעט הוואנז סיעל טו) געבען פּאָלמאַכט; פּערזיכערען אין עפּעס.

set one's shoul'der to the wheel (סעט הוואנז שאָול'-דער טו טהי הוויעל) צולעגען אַ אַקסעל, אַרויסהעלפען, צוהעל־פען; אַליין אַרבייטען, אַליין טהאָן, זיך אַ נעהם טהאָן.

set one's teeth (סעט הוואנז טיעטה) צוזאַמענדריקען די צייהנער; אָנגעהמען אַ פעסטען בעשלוס.

set one to the door (סעט הוואן טו טהי דאָור) אימעצען אָנווייזען די טהיר, אימעצען אַרויס־פּטר'ען.

set on fire (סעט אָן פאַיר) אונטערצינ־דען; אויפפלאַמען, אויפהעצען.

set on foot (סעט אָן פוט) אָנהויבען, בריינגען אין בעוועגונג; שטעלען אויף'ן פוס.

set on the legs (סעט אָן טהי לעגז) שטעלען אויף די פיס, איינעם אויסהעל־פען.

set o'pen (סעט אָופּן) עפענען, אויפ־דעקען.

se'tose *a.* (סי'-טאָוס) בערעקט בארשטיג, מיט שטעכעדיגע האָר.

set'-out *n.* (סעט'-אַוט) אַן אויסשטאַטונג, אַן אויספּערטיגונג; אַ פערפערטיגונג צו עפּעס [ווי צו אַ רייזע]; אַן אויסשטע־לונג פון אַרטיקלען אָדער כלים.

set out (סעט אַוט) אויסטיילען, געבען זיין חלק; פּובליקירען, אַרויסלאָ־זען [ווי אַ פּראָקלאַמאַציע]; בעצייכנען מיט אַ גרענעץ; בעצירען, בעפּוצען, דע־קארירען; אויסשטאַטען און אַרויסשיקען [ווי אַ שיף]; אַרויסשטעלען, ציינען, דע־מאָנסטרירען, בעווייזען; דערצעהלען; איבערגעבען מיט אַלע פּרטים; מאַכען עס זאָל אַרויסשטאַרצען [ווי אַ שטיין פון וואַנד]; אַרויסטרעטען אין אַ נסיעה; אָנהויבען אַ קאַריערע; אַרויספּליסען.

set o'ver (סעט אָו'-ווער) בעשטימען אַלס פערוואַלטער אָדער העררשער איבער עפּעס; איבערטראַגען, איבערגעבען.

set pen to pa'per (סעט פּען טו פּיי'-פּער) נעהמען די פעדער אין דער האַנד; אָנפאַנגען שרייבען.

set'-pin *n.* (סעט'-פּין) ז. ***dowel***

set rate (סעט רייט) אַ געזעצטער פּרייז; אַ געשטעלטער מקח; אַ טאַקסע.

set right (סעט ראַיט) פערריכטען, גוט אָדער ריכטיג מאַכען.

set sail (סעט סייל) אָנציהען די זעגלען; לאָזען זיך אין אַ נסיעה.

set seed (סעט סיעד) בילדען דעם פּרוכט־זאָמען.

set speech (סעט ספּיעטש) אַ פערבערייז־טעטע אָדער איינגעשטודירטע רעדע.

set straight (סעט סטרייט) מאַכען גראַד אָדער גלייך.

settee' *n.* (סע-טיע') אַ רוהע־באַנק, אַ זאָפע, אַ קאַנאַפּע, אַ דיוואַן; אַ מין שיף וואָס ווערט געברויכט אויף דעם מיטעל־לענדישען ים מיט צוויי אָדער דריי דריי־קאַנטיגע זעגלען [ז. איל.].



Settee

set'ter *n.* (סעט'-ער) דער וואָס זעצט, שטעלט, ריכטעט איין א. ז. וו.; אַ שריפט־זעצער; אַ שטיין־זעצער; אין מוזיק — דער טאָן־זעצער, דער קאָמפּאָניסט; אַ סע־טער [אַזאַ יאַגד־הונד פאַר פויגעל־יאַגד. ז. ***setting-dog***]; דער שפּיר־הונד [איינער וואָס שפּירט נאָך געוויסע פערזאָנען צו בעשווינדלען אָדער בערויבען זיי].

set'ter forth (סעט'-ער פאָורטה) אַן אָנזאָגער; איינער וואָס בריינגט עפּעס אַרויס אין דער עפענטליכקייט.

set'ter-grass *n.* (סעט'-ער-גרעס) ז. ***bear's-foot***

set'ter off (סעט'-ער אָף) איינער אָדער עפּעס וואָס בעצירט אָדער דעקאָרירט; איינער וואָס רעקאָמענדירט עפּעס.

set'ter on (סעט'-ער אָן) אַן אויפריהרער, אַן אָנהעצער, אַן אויפרייצער.

set'ter out (סעט'-ער אַוט) איינער וואָס מאַכט עפּעס עפענטליך בעקאַנט; אַ פּראַ־קלאַמירער, אַ פּובליקירער.

set'ter up (סעט'-ער אַפּ) איינער וואָס זעצט עפּעס אויף; איינער וואָס זעצט אַן.

set'terwort *n.* (סעט'-ער-וואָירט) ז. ***bear's-foot***

set the hand to (סעט טהי הענד טו) פערנעהמען זיך מיט עפּעס; אונטערנעה־מען.

set the land (סעט טהי לענד) בעצאַבאַ־טען דורך'ן קאָמפּאַס ווי די שיף דערווייז־טערט זיך פון ברעג.

set the riv'er on fire (סעט טהי ריוו'-ער אָן פאַיר) טהאָן אַ וואונדערליכע, אויסערגעוועהנליכע זאַך.

He is a smart enough fellow, but he'll never set the river on fire.

set the ta'ble (סעט טהי טייבל) גריי־טען צום טיש.

set the teeth on edge (סעט טהי טיעטה אָן עדזש) פערארזאַכען אַן אונ־אָנגענעהמען געפיהל [ווי דאָס געפיהל אין די צייהנער בעת מען עסט אַ זעהר זויערע פּרוכט].

set'ting *n.* (סעט'-אינג) דאָס זעצען, דאָס שטעלען; דאָס איינפּאַסען; אַן איינפּאַסונג [פון עדעלשטיינער]; דאָס אויסשטעלען; דער אונטערגאַנג [פון דער זון]; פויגעל־יאַגד מיט יאַגד־הינד; די צאָהל אייער וואָס ווערען געלעגט אונטער אַ הוהן צום אויסבריהען.

set'ting-board *n.* (סעט'-אינג-באָורד) אַ ברעטעלע, אויף וועלכען נאַטוראַליס־טען שטעלען אַן אינזעקטען מיט שפּיל־קעס.

set'ting-cir'cle *n.* (סעט'-אינג-סויר'קל) אַ פּאַרריכטונג אין אַ טעלעסקאָפּ אויסצו־געפינען אַ בעשטימטען שטערען.

set'ting-dog *n.* (סעט'-אינג-דאָג) אַ סעטער [אַזאַ יאַגד־הונד פאַר פויגעל־יאַגד].

Setting-dog

set'ting free (סעט'-אינג פריע) די פריי־לאָזונג, די בעפרייאונג.

set'ting-pole *n.* (סעט'-אינג-פּאָול) אַ שטאַנג, מיט וועלכען מען שטופּט אַ שיף איבער'ן טייך.

set'ting-rule *n.* (סעט'-אינג-רוהל) אַ זעץ־ליניע [פאַר שריפט־זעץ]. ז. ***composing-rule***

set'ting-stick *n.* (סעט'-אינג-סטיק) ז. ***composing-stick***

set'tle *v. and n.* (סעטל) זעצען, פעסט־זעצען; בעשטימען, בעשליסען; עטאַבלי־רען, שטעלען אין אַ בעשטימטער לאַגע אָדער אַמט; בערוהיגען, שטיל מאַכען; לאָזען זיך אַבזעצען [ווי מוטנע וואַסער], קלאָר מאַכען [אַ פליסיגקייט]; האַרט מאַ־כען [ווי אַ וועג, איבער וועלכען מען זאָל קענען פאַהרען]; בעצאַהלען, קוויטירען, סלוק'ען [אַ חוב]; בעשטימען דעם נוסח [פון אַ שריפטליכען דאָקומענט]; בעזע־צען מיט מענשען, קאָלאָניזירען; קלאָר ווערען; זיך אויסלייטערען [פון וואַל־קענס]; זיך אַבזעצען, זינקען צום דעק; זיך אַרונטערלאָזען פון פליהען; זיך בע־רוהיגען; זיך בעזעצען אין אַ בעשטימ־טען אָרט; אַריינגעהן אין בעשטימטע פער־העלטניסע; קומען צו אַ בעשלוס; אַראָנ־זשירען, בריינגען אין אָרדנונג; בעשטי־מען [אַ צייט]; אויסגלייכען אַ שטרייז־טיגקייט, בריינגען צו אַ פּשרה; ליקווי־דירען [אַ חוב]; אַ לאַנגע באַנק מיט אַ ווענטעל, אַ זיץ־באַנק; אַ טייל פון אַ פּלאַטפאָרם, וועלכער איז נידריגער איידער אַן אַנדערער טייל.

set'tle a job (סעטל ע דזשאָב) דורכ־פיהרען אַן עסק, מאַכען אַ פּשרה.

set'tle a ques'tion (סעטל ע קוועס'-טשאַן) פערענטפערען אַ פראַגע; ענטשיי־דען אַ פראַגע.

set'tle-bed *n.* (סעט'ל-בעד) אַ בעט וואָס לעגט זיך צונויף און בעקומט די פאָרם פון אַ זאָפע אָדער דיוואַן; אַ קליין בעט מיט אַ באַלדאַכין פון אויבען.

set'tled *a.* (סעטלד) 1. פעסטגעזעצט; שטייף; 2. בעשטימט, בעשלאָסען; 3. רו־היג, געזעצט, אָנשטענדיג; ערנסט; וויכ־טיג; 4. גע'סלוק'ט, אויסגעגליכען [אַ בא־לאַנס, אַ חוב].

1. I have settled convictions on the subject.
3. Having married he began to lead a settled life.

set'tled convic'tion (סעטלד קאָנ-וויק'-שאַן) אַ פעסטע איבערצייגונג.

set'tledness *n.* (סעט'לד-נעס) די פעס־טיגקייט, בעשטימטהייט; אַ רוהיגער צו־שטאַנד.

set'tlement *n.* (סעט'ל-מענט) דאָס בע־זעצען זיך; דאָס פעסטזעצען; דאָס איינ־אָרדנען זיך אין לעבען, דאָס פערזאָרגען זיך [מיט אַ פאַמיליע, מיט אַ געשעפט א. ד. ג.]; דאָס בעזעצען מיט מענשען, דאָס קאָלאָניזירען; אַ לאַנד וואָס איז

ערשט קאלאניזירט געווארען; א קאלאניע: דאס איינשטעלען א גלח אין זיין קירכען־אמט; דאס בעשטימטע וואהן־ארט פון א פערזאן; די בעריכטיגונג, די אויסגלייכונג [פון געזעלשאפטליכע עסקים און ענינים]; אין געזעצגעבונג — די קוויטירונג, די בעצאהלונג; דאס בעשטימען וועגען דעם פערמעגען אדער אייגענטום פון א פערזאן ווי עס צו פערטיילען נאך זיין טויט אדער אין אנדערע פעלע.

set'tler *n.* (סעט'-לער) 1. דער איינזידלער, דער קאלאניסט; 2. דאס וואס ענטשיידעט עפעס.

2. His last blow was a settler.

set'tle the land (סעטל טהי לענד) זיך דערווייטערען פון ברעג, פערלירען דאס לאנד פון די אויגען [ווי ווען א שיף פאהרט אב פון ברעג].

set'tle to some'thing (סעטל טו סאמ'-טהינג) זיך ענטשליסען אויף עטוואס.

set'tling *n.* (סעט'-לינג) דאס זעצען, דאס פעסטזעצען אדער פעסטשטעלען; דאס קאלאניזירען; דאס אויסגלייכען, דאס קוויטירען, דאס מאכען שוה־בשוה.

set'tling-day *n.* (סעט'-לינג-דיי) דער טאג וואס ווערט בעשטימט אין א געשעפט און בעזונדערס אויף דער בערזע אבצורעכענען זיך און קוויטירען אלע חשבונות.

set'tlings *n.* (סעט'-לינגז) דער אבזאץ, דאס וואס זעצט זיך אב [ווי פון א פליסיגקייט].

set'tlor *n.* (סעט'-לאר) דער וואס בעשטימט עפעס וועגען זיין אייגענטום, ווי אזוי עס דארף פאנאנדערגעטיילט ווערען נאך זיין טויט אדער ביי אנדערע פעלע.

set'-to' *n.* (סעט'-טו') א שטרייט, א קריעג, א צאנקעריי; א געשלעג.

set to (סעט טו) צוזעצען, צוטרעטען צו עפעס.

set to mu'sic (סעט טו מיו'-זיק) צופאסען צו מוזיק, קאמפאנירען; פערפאסען א מעלאדיע צו די ווערטער פון א ליעד.

set to rights (סעט טו ראיטס) ברייינגען אין ארדנונג; ברייינגען אין נארמאלען צושטאנד.

set to work (סעט טו הוואירק) זיך נעהמען צו דער ארבייט; אנפאנגען אן ארבייט.

set'-trap *n.* (סעט'-טרעפ) א פאסטקע מיט א פרוזשינע [צו כאפען חיות].

set'ula *n.* (סעט'-יו-לא) א קליינע בארשט־האר, א קליינעס שטייפעס הערעל.

set'ule *n.* (סעט'-יול) ז. *setula*

set'ulose *a.* (סעט'-יו-לאוס) בעדעקט אדער בעוואקסען מיט קליינע בארשט־האר.

set up (סעט אפ) אויפזעצען, אויפשטעלען; אויסמושטירען [א סאלדאט]; אנהויבען [א נייע אונטערנעהמונג]; גרינדען אדער אויפבויען עפעס; בעזארגען מיט עפעס, אויסשטאטען; אויפהויבען צו א העכערען ראנג; ארויסשטעלען; אויפהויבען דאס קול; פארלעגען עפעס צום בעטראכטען, ארויסטרעטען מיט א נייער לעהרע; שטעלען אויף די פיס, צוגעבען מוטה: דערפרעהען, מאכען מונטער; אויפזעצען [דרוק־שריפט]; ארויסברייינגען, פראדוצירען; שטעלען אן אינסטרומענט אויף זיין געשטעל; פרעטענדירען אויף עפעס, האבען פרעטענזיעס.

set'-up *n.* (סעט'-אפ) דער געבוי, די פארם, דאס אויסזעהן; אין ביליארד־שפיעל — א נוטע לאגע פון די באלען; א הוליאנקע; כבוד, דאס מכבד זיין.

set up in busi'ness (סעט אפ אין ביז'-נעס) אנפאנגען האנדלען; עטאבלירען א געשעפט.

set upon' (סעט א-פאן') 1. אנפאנגען א געשעפט; 2. אנפאלען, מאכען אן אטאקע.

2. They all set upon him at once.

set'wall *n.* (סעט'-הוואהל) וואלעריאן אדער באלדריאן [אזא גראז מיט קליינע, רויטע בליטהען. פון ווארצעל פון דיעזען גראז ווערען געמאכט באלדריאן אדער וואלעריאן־טראפענס צו שטילען נערווען־אויפרעגונג].

Setwall

sev'en *a. and n.* (סעוון) זיבען; די צאהל זיבען.

sev'en-day fe'ver (סעוו'נ-דיי פי'-ווער) זיבען־טאגדיגע קדחת [פיבער וועלכער לאזט אב און קומט צוריק יעדען זיבעטען טאג].

sev'en dead'ly sins (סעוון דעד'-לי סינז) די זיבען טויט־זינד [די זיבען זינד: גאוה, כעס, קנאה, תאוה, גיערינקייט אדער האבזוכט, פרעסעריי און פוילקייט, וועלכע טויטען די נשמה לויט דער קאטוילישער רעליגיאן].

sev'en do'lors of Ma'ry (סעוון דאו'-לארז אוו מיי'-רי) די זיבען פאסירונגען אין דעם לעבען פון דער הייליגער מאריע, אויף וועלכע די קאטוילישע רעליגיאן האט ספעציעלע תפלות.

sev'enfold *a. and adv.* (סעוו'נ-פאולד) זיבען־פאך; זיבען מאל אזוי פיעל; וואס בעשטעהט פון זיבען אדער פון זיבען טיילען.

sev'en lib'eral arts (סעוון ליב'-ע-רעל ארטס) די שבע חכמות [די זיבען וויסענשאפטען: גראמאטיק, רעטאריק, לאגיק, אריפמעטיק, געאמעטריע, אסטראנאמיע און מוזיק, לויט ווי מען האט זיי פארצייטען שטודירט אין די אוניווערזיטעטען].

sev'ennight *n.* (סעוו'נ-נאיט) זיבען מעת לעת [א וואך].

sev'en sag'es (סעוון סיידזש'-עז) די זיבען חכמי יון [סאלאן, טהאלעס, כילאן, ביאס, קלעאבולוס, פעריאנדער און פיטאקוס].

sev'enscore *n. and a.* (סעוו'נ-סקאור) זיבען מאל צוואנציג; הונדערט און פיערציג.

sev'en-shoo'ter *n.* (סעוו'נ-שוה'-טער) א זיבען־לויפיגער רעוואלווער [א רעוואלווער וועלכען מען קען לאדען מיט זיבען קוילען מיט אמאל].

sev'en slee'pers (סעוון סליע'-פערז) די זיבען שלעפער [די זיבען יונגען, וועלכע זיינען, לויט דער קריסטליכער לעגענדע, אנטלאפען פון די פערפאלגונגען פון דעם קעניג דעציוס פון עפעזוס און האבען זיך בעהאלטען אין א הייל וואו זיי האבען אבגעשלאפען ארום 300 יאהר און האבען ערוואכט ווען קריסטענטום איז געווארען די הערשענדע רעליגיאן אין לאנד].

sev'en stars (סעוון סטאהרז) די זיבען פלעיאדען [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די זיבען טעכטער פון אטלאס וועלכע צעאוס האט פערוואנדעלט אין שטערען]; אין דער פארצייטיגער אסטראנאמיע — די זיעבען פלאנעטען: די זון, די לבנה, מערקור, ווענוס, מארס, יופיטער און סאטורן.

sev'enteen' *a. and n.* (סעוו'נ-טיען') זיבצעהן; די צאהל זיבצעהן.

sev'enteenth' *a. and n.* (סעוו'נ-טיענטה') וואס איז דער זיבצעהנטער, דער זיבצעהנטער; א זיבצעהנטעל.

sev'enth *a. and n.* (סעוונטה) וואס איז דער זיבעטער, דער זיבעטער; א זיבענטעל; אין מוזיק — די סעפטימע, דער זיבעטער טאן, דער טאן פאר דער אקטאווע.

Sev'enth-day *a.* (סעוו'נטה-דיי) וואס היט אב שבת; וואס איז שייך צו שבת.

sev'enthly *adv.* (סעוו'נטה-לי) זיבטענס.

sev'entieth *a. and n.* (סעוו'נ-טי-עטה) וואס איז דער זיבעציגסטער; וואס איז א זיבציגסטעל; דער זיבעציגסטער; א זיבציגסטעל.

sev'enty *a. and n.* (סעוו'נ-טי) זיבציג; די צאהל זיבציג.

sev'entyfold *a. and adv.* (סעוו'נ-טי-פאולד) זיבציג־פאך; זיבציג מאל אזוי פיעל.

sev'enty-four' *n.* (סעוו'נ-טי-פאור') א קריעגס־שיף מיט פיער און זיבציג קאנאנען.

sev'en-up' *n.* (סעוו'נ-אפ') אזא אמעריקאנער קארטען־שפיעל.

sev'en won'ders of the world (סעוון הוואנ'-דערז אוו טהי הוואירלד) די זיבען וועלט־וואונדער [די זיבען וואונדער־געביידען פון דעם קלאסישען אלטערטום, ווי די עגיפטישע פיראמידען, דאס מאוזאלעאום (א געביידע אויף א קבר) פון האליקארנאסוס, דער טעמפעל פון דער געטין ארטעמיס אין עפעזוס, די מויער־וואנד און די הענגענדע גערטנער פון בבל, די ריזיגע סטאטוע פון דעם גאט העליאס אויף דעם אינזעל ראדאס, די סטאטוע פון גאט צעאוס אין דעם גרויסען טעמפעל אין אלימפיא און דער לייכט־טורם אין אלעקסאנדריא].

sev'er *v.* (סעוו'-ער) טרענען, אבזונדערען, אבטיילען, אבשיידען; פאנאנדעררייסען; אונטערשיידען; מאכען אן אונטערשיעד; זיך אבטיילען, זיך אבזונדערען; האנדלען בעזונדער אדער אונאבהענגיג.

sev'erable *a.* (סעוו'-ער-עבל) טרענבאר, שיידבאר; וואס קען ווערען געשיעדען אדער אבגעזונדערט.

sev'eral *a. and n.* (סעוו'-ער-על) עטליכע, מעהרערע; פערשיעדענע; בעזונדערע; בעזונדער; אזא פרויען־מלבוש וואס קען בענוצט ווערען פאר פערשיעדענע צוועקען.

sev'erally *adv.* (סעוו'-ער-על-אי) בעזונדער.

sev'eralty *n.* (סעוו'-ער-על-טי) דאס זיין אבגעטיילט פון דאס אנדערע; אבגעטיילטקייט, אבגעזונדערטקייט [בעזונדערס וועגען לאנד־אייגענטום].

sev'erance *n.* (סעוו'-ער-ענס) אבזונדערונג, שיידונג, טיילונג.

severe' *a.* (סי-וויער') שטרענג; זעהר ערנסט; העפטיג, גרויזאם; שטרענג אבגעהיט אדער אויסגעהאלטען; געגוי, רעגעלמעסיג; שארף, שטארק [וועגען שמערץ, וועטער א. ד. ג.]; שווער אויסצוהאלטען.

severe'ly *adv.* (סי-וויער'-לי) אויף א שטרענגען אדער העפטיגען אופן; זעהר ערנסט; גרויזאם; שארף, שטארק [וועגען שמערץ, וועטער א. ד. ג.]; שווער אויסצוהאלטען; געגוי, רעגעלמעסיג; שטרענג אויסגעהאלטען.

severe'ness *n.* (סי-וויער'-נעס) ז. *severity*

sever'ity *n.* (סי־ווער׳־אי־טי) שטרענגקייט; ערנסטקייט; גרויזאמקייט; העפטיגקייט; שארפקייט, שטארקייט [פון שמערץ, וועטער א. ד. ג.]; שטרענגע פינקטליכקייט, גענויהייט; שווערקייט אויסצוהאלטען.

sew *v.* (סאו) נעהען; צונויפנעהען; בלייבען זיצען אויף׳ן גרונד [ווענען א שיף]. ז. [*sewed up*].

sew'age *n.* and *v.* (סיו׳־עדזש) אבגוס־וואסער און אבפאל וואס געהט דורך אבצוגס־קאנאלען; קאנאליזאציאן, אבצוגס־קאנאלען; בעזארגען מיט אבצוגס־קאנאלען; פרוכטבאר מאכען לאנד דורך דעם געברויך פון קאנאליזאציאן.

sewed up (סאוד אפ) אויף׳ן גרונד געזעצט [ווענען א שיף]; געבראכט צו א שטילשטאנד; רואינירט; בעטרונקען, בעטויבט, צומומעלט; פערנעהט; ארומגענעהט.

sewel'lel *n.* (סי־הוועל׳־על) אזא אמעריקאניש חיה׳לע עהנליך צו דער שנויץ־מויז [ז. *muskrat*] אהן אן עק.

sew'er *n.* (סאו׳־ער) א נעהער, איינער וואס נעהט.

sew'er *n.* and *v.* (סיו׳־ער) אן אבצוגס־קאנאל [א קאנאל אונטער דער ערד אבצוציהען דאס וואסער און שמוץ פון די גאסען]; אבציהען דאס וואסער דורך אבצוגס־קאנאלען; בעזארגען מיט אבצוגס־קאנאלען.

sew'erage *n.* (סיו׳־ער־עדזש) קאנאליזאציאן, אן אבצוגס־קאנאל סיסטעם; דאס אבציהען אבגוס־וואסער און שמוץ דורך אבצוגס־קאנאלען; די שמוץ וואס לויפט אב דורך אן אבצוגס־קאנאל.

sew'erman *n.* (סיו׳־ער־מען) איינער וואס ארבייט ביי אבצוגס־קאנאלען.

sew'er-pipe *n.* (סיו׳־ער־פאיפ) א קאנאליזאציאנס־ראהר [א ראהר פון אן אבצוגס־קאנאל].

sew'ing *n.* (סאו׳־אינג) דאס נעהען; נעה־ארבייט, גענעהע.

sew'ing-cir'cle *n.* (סאו׳־אינג־סויר׳קל) א געזעלשאפט פון פרויען וואס קומען זיך צונויף רעגולאר צו נעהען זאכען פאר רעליגיעזע און צדקה־אנשטאלטען.

sew'ing-clamp *n.* (סאו׳־אינג־קלעמפ) אזא קלאמער מיט וועלכען עס ווערט פעסטגעהאלטען דער שטאף וואס ווערט גענעהט.

sew'ing-cot'ton *n.* (סאו׳־אינג־קאט׳ן) נעה־באוועל, נעה־פאדים.

sew'ing-machine' *n.* (סאו׳־אינג־מע־שין׳) א נעה־מאשין.

sew'ing-nee'dle *n.* (סאו׳־אינג־ניע׳דל) א נעה־נאדעל.

sew'ing-press *n.* (סאו׳־אינג־פרעס) ביי בוכבינדער — א ראהם צום איינגנעהען ביכער.

sew'ing-silk *n.* (סאו׳־אינג־סילק) נעה־זייד, זייד־פאדים צום נעהען אדער אויסנעהען.

sew'ing-ta'ble *n.* (סאו׳־אינג־טיי׳בל) א נעה־טיש, א שניידער־טיש; א טיש צום איינגנעהען ביכער [ביי בוכבינדער].

sewn (סאון) גענעהט. ז. *sew*.

sew up (סאו אפ) צונעהען, פערנעהען, צוזאמענגעהען, איינגנעהען, ארומנעהען.

sew up one's stock'ing (סאו אפ וואנז סטאק׳־אינג) פערשטאפען אימעצען דאס מויל, אב׳פטר׳ען, מאכען צו שווייגען.

sex *n.* and *v.* (סעקס) דאס געשלעכט, דער מין [מין זכר אדער מין נקבה]; דאס ווייבליכע געשלעכט, ווייבער, פרויען; בעצייכענען דאס געשלעכט.

sexadec'imal *a.* (סעק־סע־דעס׳־אי־מעל) זעכצעהנטער; וואס בעציהט זיך אויף זעכצעהן.

sexag'ecuple *a.* (סעק־סעדזש׳־ע־קיופל) וואס קומט פאר אין זעכציגער.

sexag'enal *a.* (סעק־סעדזש׳־ע־נעל) ז. *sexagenary*.

sexagena'rian *a.* and *n.* (סעק־סע־דזשע־ניי׳־רי־ען) זעכציג־יעהריג; א זעכציג־יעהריגע פערזאן.

sexag'enary *a.* and *n.* (סעק־סעדזש׳־ע־ניי־רי) פון זעכציג; זעכציג־יעהריג; א זעכציג־יעהריגער; א זאך וואס איז צונויפגעשטעלט פון זעכציג טיילען.

sex'agene *n.* (סעק׳־סע־דזשין) א בויגען אדער ווינקעל פון 60 גראד, א זעקסטעל פון א קרייז.

Sexages'ima *n.* (סעק־סע־דזשעס׳־אי־מא) דער זונטאג סעקסאגעסימא [דער צווייטער זונטאג פאר דער קריסטליכער פאסט־צייט].

sexages'imal *a.* and *n.* (סעק־סע־דזשעס׳־אי־מעל) וואס בעציהט זיך אדער איז בעגרינדעט אויף דער צאהל זעכציג; א זעכציגסטעל.

sexages'imally *adv.* (סעק־סע־דזשעס׳־אי־מעל־אי) דורך זעכציגסטעלער.

Sexages'ima Sun'day (סעק־סע־דזשעס׳־אי־מא סאנ׳־דיי) ז. *Sexagesima*.

sex'agesm *n.* (סעק׳־סע־דזשעסם) א זעכציגסטעל.

sex'angle *n.* (סעקס׳־ענגל) א זעקס־עק, א זעקס־עקיגע פיגור.

sex'angled *a.* (סעקס׳־ענגלד) ז. *sexangular*.

sexan'gular *a.* (סעק־סען׳־גיו־לאר) זעקס־עקיג, זעקס־ווינקעלדיג.

sexan'gularly *adv.* (סעק־סען׳־גיו־לאר־לי) מיט זעקס ווינקלען.

sexa'tion *n.* (סעק־סיי׳־שאן) די אבשטאמונג דורך געשלעכטליכער פארונג.

sexcen'tenary *a.* and *n.* (סעק־סען׳־טע־ניי־רי) זעקס־הונדערטערדיג; זעקס־הונדערט־יעהריג; א משך פון זעקס הונדערט יאהר; א זעקס־הונדערט־יעהריגער יובילעאום אדער פעסט־טאג.

sexdig'itate *a.* (סעקס־דידזש׳־אי־טייט) זעקס־פינגערדיג, וואס האט צו זעקס פינגער אין א האנד אדער אין א פוס.

sexdig'itism *n.* (סעקס־דידזש׳־אי־טיזם) דאס האבען זעקס פינגער אויף׳ן פוס אדער אויף דער האנד.

sexdig'itist *n.* (סעקס־דידזש׳־אי־טיסט) א פערזאן וואס האט צו זעקס פינגער אין א האנד אדער אין א פוס.

sexed *a.* (סעקסט) וואס איז פון א בעשטימטען געשלעכט; וואס האט די אייגענשאפטען פון א בעשטימטען געשלעכט.

sexen'nial *a.* and *n.* (סעק־סען׳־אי־על) זעקס־יעהריג, זעקס־יעהרליך; וואס פאסירט איין מאל אין זעקס יאהר; א זעקס־יעהריגער יובילעאום, א זעקס־יעהריגער יאהרעס־פעסט.

sexen'nially *adv.* (סעק־סען׳־אי־על־אי) יעדע זעקס יאהר, איין מאל אין זעקס יאהר.

sex'fid *a.* (סעקס׳־פיד) זעקס־שפאלטיג [ווענען פלאנצען].

sex'foil *n.* (סעקס׳־פאיל) א פלאנצע אדער בלום מיט זעקס בלעטער; אן ארכיטעקטור־פערציערונג, וועלכע בעשטעהט פון זעקס קרייזען אדער זעקס בלעטער.

sex'ifid *a.* (סעק׳־סי־פיד) ז. *sexfid*.

sexil'lion *n.* (סעק־סיל׳־יאן) א סעקסטיליאן. ז. *sextillion*.

sexisyllab'ic *a.* (סעק־סי־סי־לעב׳־איק) זעקס־זילביג; וואס האט זעקס זילבען [ווענען א ווארט].

sex'isyllable *n.* (סעק׳־סי־סיל־עבל) א ווארט פון זעקס זילבען.

sex'less *a.* (סעקס׳־לעס) געשלעכטסלאז, ניט ווייבליך ניט מענליך.

sex'lessness *n.* (סעקס׳־לעס־נעס) געשלעכטסלאזיגקייט, דאס זיין ניט מענליך און ניט ווייבליך.

sexloc'ular *a.* (סעקס־לאק׳־יו־לאר) אין באטאניק — וואס האט זעקס צעלען אדער קעמערלעך [וואו די זאמען געפינען זיך].

sexra'diate *a.* (סעקס־ריי׳־די־אייט) וואס האט זעקס שטראהלען אדער פינגער [ווי געוויסען שטערן־פיש].

sext *n.* (סעקסט) אין מוזיק — אן אינטערוואל פון זעקס טענער; אין די קריסטליכע קירכען — די תפלות פון דער זעקסטער שטונדע, די מיטאגדיגע עבודה.

sex'tain *n.* (סעקס׳־טיין) א פערז אדער סטראפע פון זעקס שורות אין א געדיכט.

sex'tan *a.* (סעקס׳־טען) וואס פאסירט יעדע זעקס טעג.

sex'tans *n.* (סעקס׳־טענז) אין אלטען רוים — א סעקסטאנס [א קליינע בראנזענע מטבע אין דעם ווערטה פון א זעקסטעל פון אן אס].

sex'tant *n.* (סעקס׳־טענט) א סעקסטאנט [אן אסטראנאמישער אינסטרומענט מיט א סקאלע פון 60 גראד, א זעקסטעל פון א קרייז וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די הויכקייט פון די שטערען פון האריזאנט אדער צו מעסטען די ווינקלען וואס די זונען־שטראהלען בילדען מיט דער אויבערפלעכע פון דער ערד. דיעזער אינסטרומענט איז זעהר וויכטיג פאר געאגראפישע פארשונגען]; א זעקסטעל פון א קרייז [זעכציג גראד].


Sextant

sex'tantal *a.* (סעקס׳־טען־טעל) וואס איז שייך צו א סעקסטאנס. ז. *sextans*.

sexta'rius *n.* (סעקס־טיי׳־רי־אס) א פארצייטיגע רוימישע פליסיגקייטס־מאס וואס איז גלייך צו $1\frac{1}{7}$ אמעריקאנער פאינט [עטוואס מעהר פון א האלבער קווארט].

sex'tary *n.* (סעקס׳־טיי־רי) ז. *sextarius*.

sexte *n.* (סעקסט) ז. *sext*.

sexten'nial *a.* (סעקס־טען׳־אי־על) וואס קומט פאר אין יעדען זעקסטען יאהר.

sextet' *n.* (סעקס־טעט׳) א סעקסטעט, א זעקס־שטימיגע מוזיק־שטיק; א זינגער אדער שפיעלער־קאמפאניע פון זעקס פערזאן.

sextette' *n.* (סעקס־טעט׳) ז. *sextet*.

sextet'to *n.* (סעקס־טעט׳־טא) ז. *sextet*.

sex'tic *a.* and *n.* (סעקס׳־טיק) פון זעקסטען גראד, פון זעקסטער ארדנונג; א מאטעמאטישע גלייכונג פון זעקסטער ארדנונג.

sex'tile *a.* (סעקס׳־טיל) וואס בעצייכענט די פאזיציאן פון צוויי פלאנעטען וועלכע געפינען זיך 60 גראד ווייט איינער פון אנדערען.

sextil'lion *n.* and *a.* (סעקס־טיל׳־יאן) א סעקסטיליאן [טויזענד געדאפעלט 7 מאל אויף זיך אליין וואס שטעלט פאר א צאהל פון 1 מיט 21 נולען, אדער א מיליאן גערא־

פעלט 6 מאל אויף זיך אליין וואס שטעלט פאר א צאהל פון 1 מיט 36 נולען]; וואס שטעלט צונויף די צאהל פון א סעקסטעליאן.

sex'tipartite *a.* (סעקס'-טי-פאר-טאיט) זעקס-טיילינ, געמאכט אין זעקס טיילען.

sex'tiply *v.* (סעקס'-טי-פלאי) דאפלען אויף זעקס, זעקספאך דאפלען.

sex'to *n.* (סעקס'-טאו) א זעקסטעל-פארמאט, א בוך פון א זעקסטעל-פארמאט [ווען די בלעטער זיינען א זעקסטעל פון א בויגען].

sex'to-dec'imo *n.* (סעקס'-טאו-דעס'-אי-מאו) א זעכצעהנטעל-פארמאט [א בויגען פאפיער, ווען ער איז געקנייטשט אין 16 בלעטער].

sex'ton *n.* (סעקס'-טאן) א קירכען-דיענער; א טויטען-גרעבער, א קברים-גרעבער; אזא באבעלקע [זשוק], וואס בעגראבט טויטע קערפער פון קליינע חיות אין וועלכע זי לעגט איהרע אייעלעך.

sex'tonship *n.* (סעקס'-טאנ-שיפ) דאס אמט פון א קירכען-דיענער.

sex'tuple *a. and v.* (סעקס'-טיופל) זעקספאך [זעקס מאל אזוי פיעל]; פערזעקספאכען, דאפלען דורך זעקס.

sex'tuplet *n.* (סעקס'-טיו-פלעט) א פעראייניגונג אדער קאמבינאציאן פון זעקס זאכען.

sex'tuplex *v.* (סעקס'-טיו-פלעקס) אין טעלעגראפיע — מאכען מעגליך איבערצוגעבען זעקס טעלעגראמען אדער דעפעשען אין איין צייט.

sex'ual *a.* (סעק'-שיו-על) געשלעכטליך; וואס געהערט צום געשלעכט; וואס געהערט צו די געשלעכטס-ארגאנען.

sex'ual affin'ity (סעק'-שיו-על ע-פינ'-אי-טי) די אינדיווידועלע געשלעכטליכע נייגונג [די שטארקערע געשלעכטליכע נייגונג צו בעשטימטע פערזאנען פון אנדערען געשלעכט אלס צו די איבריגע].

sex'ualist *n.* (סעק'-שיו-על-איסט) א סעקסואליסט, א באטאניקער וואס קלאסיפיצירט [טיילט איין אין קלאסען] די פלאנצען לויט זייער געשלעכט [לויט דעם סעקסואל-סיסטעם פון ליגעי].

sexual'ity *n.* (סעק-שיו-על'-אי-טי) געשלעכטליכקייט.

sex'ualize *v.* (סעק'-שיו-על-איז) אבטיילען אדער צוטיילען לויט דעם געשלעכט.

sex'ually *adv.* (סעק'-שיו-על-אי) לויט געשלעכט, אין געשלעכטליכער בעציהונג.

sex'ual or'gans (סעק'-שיו-על אהר'-גענז) די געשלעכטליכע ארגאנען.

sex'ual reproduc'tion (סעק'-שיו-על רי-פרא-דאק'-שאן) פרוכטבארקייט דורך געשלעכטליכער פארונג.

sex'ual selec'tion (סעק'-שיו-על סי-לעק'-שאן) די נאטירליכע געשלעכטליכע אבקלייבונג [די טעאריע, דאס די שעהנערע אדער שטארקערע פון דעם מין האבען א גרעסערע געשלעכטליכע צוציהונגס-קראפט און דיעזע טהאטזאכע האט אזא ווירקונג אויף די ניי-געבארענע דורות, דאס אין א משך פון צייט ווערט געענדערט אין גאנצען דאס אויסזעהן פון דיעזען מין חיות].

sex'ual sys'tem (סעק'-שיו-על סיס'-טעם) די געשלעכטליכע ארגאנען; דאס סעקסועלע סיסטעם [דאס סיסטעם צו איינטיילען די פלאנצען אין ווייבליכען און מענליכען געשלעכט, ווי דער נאטור-פארשער ליגעי האט עס געטהאן].

sfoga'to *a.* (ספא-גא'-טא) אין מוזיק — זעהר דין [ווי זעהר א דינע שטימע].

sforzan'do *a.* (ספאר-טסאנ'-דא) אין מוזיק — מיט נאכדרוק, מיט מאכט, מיט א פלעצליכער שטארקער אדער ענערגישער בעטאנונג.

sforza'to *a.* (ספאר-טסא'-טא) ז. *sforzando*.

sfregaz'zi *n.* (ספרע-גאט'-סי) אין אויל-מאלעריי — א געוויסע פארם פון מאכען שאטענס אויף טיילען פון א בילד, בעדעקענדיג זיי מיט א דינעם דורכזיכטיגען פארבען-שיכט.

sfuma'to *a.* (ספו-מא'-טא) אין אויל-מאלעריי — בעדעקט ווי מיט רויך [אן ארט מאלען, וואו די שטריכען זעהען זיך ניט בולט ארויס].

sh. פערקירצונג פון *shilling*

shab *n. and v.* (שעב) א מין קרעץ ביי שעפסען; קראצען [ווי א הונד אדער א קאץ קראצען זיך אליין]; אבטהאן א געמיינע שטוקע.

shab'bily *adv.* (שעב'-אי-לי) לומפיג, געמיין, נידריג, ארים, עלענד.

The visitor was shabbily dressed.

shab'biness *n.* (שעב'-אי-נעס) לומפיגקייט, געמיינהייט; ארימקייט, נידריגקייט.

shab'by *a.* (שעב'-אי) לומפיג, געמיין, נידריג, ארים; קרעציג, פארכיג.

shab'by-genteel' *a.* (שעב'-אי-דזשענ-טיעל') אין זיידענע שמאטעס; מיט סמנים פון אמאליגען רייכטום אין זיינע איצטיגע לומפען; וואס האלט זיך פאר אן אדעלמאן כאטש אין דער ווירקליכקייט איז ער א לומפ.

shab off (שעב אף) פטור ווערען פון עפעס.

shab'rack *n.* (שעב'-רעק) א זאטעל-דעקע [א דעקע פאר א פערד וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער'ן זאטעל].

shack *v. and n.* (שעק) אראבפאלען, ארויספאלען [ווי קערנער פון צייטיגע זאנגען]; זיך פיטערען אויף אן אבגעשניטענעם פעלד; ארומשלעפען זיך, ארומוואנדערען פון ארט צו ארט; אראבגעפאלענע קערנער [ווי פון אבגעשניטענע זאנגען]; א הייזעל וואס איז געבויט פון ניט-ארומגעהאקטע קלעצער.

shack'le *n. and v.* (שעקל) א פערבינדונגס-רינג אדער אן אויסגעבויגענע שטיקעל אייזען, וואס דיענט צו פעראייניגען צוויי קייטען א. ד. ג.; עפעס וואס בינדט, פענטעט אדער שטערט; אנטהאן קייטען; ארויפלעגען א פענטע, פערפענטען; שטערען; פעראייניגען מיט א פערבינדונגס-רינג.

shack'le-bolt *n.* (שעק'ל-באולט) א באלצען, ביי וועלכען איין ענד איז אויסגעבויגען ווי א קרוטשאק.

shack'les *n.* (שעקלז) קייטען; הינדערניסע, שטערונגען.

shack'ling *a.* (שעק'-לינג) שאקלענד, וואקלענד, וויעגענד.

shack'ly *a.* (שעק'-לי) זיך שאקלענד, זיך וואקלענד; שוואך אין געזונד.

shad *n.* (שעד) דער מאי-פיש אדער מוטער-הערינג [א מין אמעריקאנער זעהר געשמאקער פיש]. ז. איל. *"Fishes"*

shad'-bel'lied *a.* (שעד'-בעל'-איד) מיט א וועניג-ארויסגעשטארצטען בויך.

He is a shad-bellied person.

shad'dock *n.* (שעד'-אק) דער שעדאָק [א פרוכט פון א טראפישען בוים, וואס איז עהנליך צו אן אפעלסין]; דער שעדאָק-בוים.

shade *n. and v.* (שייד) א שאטען; א טונקעלקייט; אן ארט וואס איז בעדעקט מיט א שאטען; אן איינזאמער, פערבארגענער פלאץ; א שוץ; א שאטירונג; א קלייניגקייט; דער שאטען פון א מענשען; א רוח, א נשמה; א לאדען פון א פענסטער, דאס לעדעל פון אויג; א לאמפ-שירם, א קאלפאק; א פארהאנג אויף א פענסטער; בעדעקען מיט א שאטען; בעשיצען, בעהאלטען; שאטירען, צוגעבען שאטען.

sha'ded *a.* (שיי'-דעד) מיט שאטירונגען; בעדעקט מיט א שירם אדער שאטען.

shade'ful *a.* (שייד'-פול) שאטענדיג, רייך מיט שאטען.

shade'less *a.* (שייד'-לעס) שאטענלאז, אהן א שאטען.

sha'der *n.* (שיי'-דער) דער אדער דאס וואס פערטונקעלט אדער פערציהט מיט א שאטען.

shade'-roll'er *n.* (שייד'-ראול'-ער) א רונד שטעקעל מיט א פרוזשינע, אויף וועלכען עס דרעהט זיך ארויף דער פארהאנג פון א פענסטער.

shades *n.* (שיידז) די רוחות, די נשמות פון געשטארבענע; די אונטערוועלט; פינסטערניש.

sha'dily *adv.* (שיי'-די-לי) שאטענדיג.

sha'diness *n.* (שיי'-די-נעס) שאטענדיגקייט.

sha'ding *n.* (שיי'-דינג) די בעשאטענונג; שאטירונג, דער שאטען.

shadoof' *n.* (שע-דוהף') אזא פארריכטונג צו שעפען וואסער אין עגיפטען און אנדערע מזרח-לענדער.

shad'ow *n. and v.* (שעד'-או) א שאטען, א טונקעלער אבשיין; עפעס וואס פאלגט נאך א מענשען אדער זאך ווי א שאטען; א בילד פון עפעס, א פארטרעט; געהיימע אדער מיסטישע צייכענס; א טונקעלע פארשטעלונג; זעהר א קליינער אדער שוואכער שטריך; א פערקליידונג, א פערשטעלונג [אז מען זאל ניט ארויסזעהן דעם ריכטיגען איגהאלט]; אן אונרעאלע זאך, עפעס וואס איז בעשאפען געווארען נור פון דער פארשטעלונג אדער איינבילדונג; א פאנטאם, א גייסט, א רוח; א פערדעקטער אדער פערבארגענער ארט, א רוהפלאץ; אבזונדערונג, איינזאמקייט, רוה; שוץ, פערזיכערונג; א פיערקאנטיגער זעגעל אויף א יאכט; בעציהען מיט א שאטען, פערפינסטערען, מאכען טונקעל; שאטירען; פערדעקען, פערבארגען, בעהאלטען; נאכפאלגען נאך אימעצען אדער עפעס ווי א שאטען.

shad'ow-bird *n.* (שעד'-או-בוירד) אזא גרויסער אפריקאנישער פויגעל מיט א ברייטען שנאבעל און מיט ארויסגעשטארצטע פעדערען הינטער'ן קאפ.

shad'owed *a.* (שעד'-אוד) שאטענדיג, טונקעל; נאכגעשפיאנירט.

shad'ow-fig'ure *n.* (שעד'-או-פיג'-יור) א סילועט. ז. *silhouette*

shad'owgraph *n. and v.* (שעד'-או-גרעף) א שאטען-בילד אויף א בעלויכטעטעם לייוועגד; א ראדיאגראף, א פאטאגראף וואס איז ארונטערגענומען דורך x-שטראהלען [רענטגען-שטראהלען]; מאכען א שאטען-בילד אויף א לייוועגד; פאטאגראפירען דורך x-שטראהלען, ראדיום א. ד. ג.

shadowgraph'ic *a.* (שעד-או-גרעפ'-איק) וואס איז פאטאגראפירט געווארען

דורך x=שטראהלען [רענטגען=שטראהלען] אדער ראדיום.

shad'owgraphy *n.* (שעד'-או-גרעפ-אי) דאס מאכען שאטען=בילדער אויף א לייווענד; דאס פאטאגראפירען דורך x=שטראהלען [רענטגען=שטראהלען], ראדיום א. ד. ג.

shad'owiness *n.* (שעד'-א-אי-נעס) די שאטענדיגקייט, די שאטענדיגע טונקעלקייט; א ניט=פעסטגעזעצטער כאראקטער, א ניט=פעסטגעזעצטע איינענשאפט.

shad'owing *n.* (שעד'-א-אינג) שאטירונג; דאס מאכען שאטענדיג; דאס מאכען קלענער אדער גרעסער די שאטענס אויף א בילד.

shad'owless *a.* (שעד'-א-לעס) שאטענלאז, אהן א שאטען.

shad'ow of death (שעד'-או אוו דעטה) דער שאטען פון טויט; די דערנעהענטערונג פון טויט; א שרעקליכע פינסטערניש.

shad'owy *a.* (שעד'-א-אי) שאטענדיג, פול מיט שאטען, טונקעל, כמורנע, פינסטער; מיט א שוואכען אבשיין, טונקעל פארנעשטעלט; ווי א שאטען, ניט רעאל, ניט וועזענטליך; פער'חלום'ט, פערטראכט.

shad'-wai'ter *n.* (שעד'-הוויי'-טער) דער לאצמאן=פיש. ז. ***pilot-fish***

sha'dy *a.* (שיי'-די) שאטענדיג; בעדעקט מיט שאטען; פון א צווייפעלהאפטער עהרליכקייט אדער ערנסטקייט.

sha'dy side (שיי'-די סאיד) די שאטענדיגע זייט, די אנדערע זייט, די צווייטע העלפט פון עלטער.

He is on the shady side of forty.

shaft *n.* (שעפט) א שאפט, א שטיעל; א וועלע, א וואל אדער אקס פון א מאשין; א פייל [פון א בויגען]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פייל; א זייל צווישען דעם פונדאמענט און דעם קאפ; דער שפיץ פון א טורעם; דער טייל פון קוימען וואס שטארצט ארויס פון דאך; דער שטאם אדער דאס שטעקעלע פון א פעדער; א הענטעל פון א געצייג; א שטיעל פון א מעסער; אן אלאבליע פון א וואגען; דער דייקסעל אדער דישעל פון א וואגען; דער שטעקען פון א שפיען; דער רעהר פון א ביקס; א שאכטע, אן עפנונג אין א קויהלען=גרוב אדער מעטאל=גרוב.

shaf'ted *a.* (שעפ'-טעד) וואס האט א שאפט. ז. ***shaft***

shaft'-horse *n.* (שעפט'-האהרס) א דייקסעל אדער דישעל=פערד, א פערד וואס געהט אין געשפאן צווישען די אלאבליעס.

shaf'ting *n.* (שעפ'-טינג) א וועלען=טראנסמיסיאן [א סיסטעם פון וואלען דורך וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען די בעוועגונג פון א מאטאר צו דער מאשינעריע].

shag *n., a. and v.* (שעג) דיקע צונויפגעקאלטענטע האר אדער וואל; די בארווע אדער ווארסע [האר] פון טוך; האריגע צייג; א שטארקער, דין געשניטענער טאבאק; דער זעע=ראב אדער באקלאן [אזא פויגעל. ז. ***cormorant***]; קאלטענעוואטע, שארסטקע, האריג; געמאכט פון האריגער צייג; מאכען שארסטקע אדער האריג; מאכען קאלטענעוואטע.

shag'bark *n.* (שעג'-בארק) א מין וואלנוס=בוים. ז. ***hickory***

shag'ged *a.* (שעג'-עד) ז. ***shaggy***

shag'gedness *n.* (שעג'-עד-נעס) ז. ***shagginess***

shag'gily *adv.* (שעג'-אי-לי) שארסטקע, האריג, קאלטענעוואטע.

shag'giness *n.* (שעג'-אי-נעס) האריגקייט; קאלטענעוואטיגקייט; שארסטיגקייט.

shag'gy *a.* (שעג'-אי) האריג, לאנג=האריג; קאלטענעוואטע; רויה, גראב, שארסטקע.

shag'-haired *a.* (שעג'-העהרד) מיט שארסטקע אדער קאלטענעוואטע האר.

shag'ling *a.* (שעג'-לינג) וואקלענד, שאקלענד, אונזיכער.

shagreen' *n. and a.* (שע-גריען') שאגרין [א זארט שארסטקע לעדער]; די פעל פון א האיפיש; אויסגעארבייט פון שאגרין.

shagreened' *a.* (שע-גריענד') וואס האט א שארסטקע אויבערפלעכע, ווי די פעל פון א האיפיש

shah *n.* (שא) דער שאך [דער פערזישער קייזער].

sha'hi *n.* (שא'-אי) א שאהי, א פערסישע קופערנע מטבע [פון אונגעפעהר 1½ אמעריקאנער סענט].

shairl *n.* (שעהרל) א זעהר דינע צייג פון וואל פון טיבעטישע ציגען.

shake *v. and n.* (שייק) שאקלען, טרייסלען; בויטשען; אבלאזען [ווי אן אנגעצויגענעם זעגעל אדער שטריק], לאזען פלאטערען; אבשוואכען, לאזען וואקלען, מאכען אונזיכער; אויפרעגען, מאכען ציטערען; אין מוזיק — טרילערען, מאכען טרעלען; זיך טרייסלען, זיך שאקלען; דריקען די האנד [געבען שלום=עליכם]; דאס שאקלען, דאס טרייסלען; אן אויפטרייסלונג, א ציטער; קדחת; א טרעל; א רגע, א מאמענט, אן אויגענבליק; א שפאלט אין א קלאץ דורך א פלוצליכען פלאצען.

shake a cask (שייק ע קעסק) ארארשלאגען די רייפען פון א פאס און צוזאמענפאקען אלע קלעפקעס [ברעטלעך] אינאיינעם.

shake a foot (שייק ע פוט) טאנצען.

shake'-bag *n.* (שייק'-בעג) א גרויסער קאמפף=האהן. ז. ***game-cock***

shake down (שייק דאון) אויפטרייסלען [א בעט]; אראבטרייסלען [פרוכטען פון א בוים].

shake'-down *n.* (שייק'-דאון) א צייטווייליגער געלעגער פון שטרוי אדער היי וואס ווערט געמאכט אויף'ן דיל [פאדלאגע]; א צייטווייליג איינגעריכטעטער נעלעגער.

shake hands (שייק הענדז) בעגריסען איינעם דורך דריקען די האנד; "צושלאגען", געבען א פאטש איבער דער האנד [שליסען א מסחר].

shake hands with (שייק הענדז הוויטה) נעהמען אבשיעד; געזעגענען זיך.

sha'ken *a.* (שייקן) צוטרייסעלט, ניט אין ארדנונג; צושפאלטען, מיט שפאלטען [וועגען קלעצער].

shake one's sides (שייק הוואנז סאידז) זיך קאטשען פון געלעכטער.

sha'ker *n.* (שיי'-קער) דער טרייסלער; איינער אדער עפעס וואס טרייסעלט אויף; א מין הויז=טויב.

Sha'ker *n.* (שיי'-קער) א מיטגליעד פון א רעליגיעזער סעקטע אין אמעריקא, וועלכע מען רופט "שייקערס" צוליעב זייערע אויפגערעגטע בעוועגונגען אין דער צייט פון גאטעסדיענסט.

Sha'kerism *n.* (שיי'-קער-איזם) די לעהרע פון דער רעליגיעזער סעקטע "שייקערס". ז. ***Shaker***

shake the head (שייק טהי העד) שאקלען אדער דרעהען מיט'ן קאפ אלס צייכען פון "ניין", אונצופריעדענהייט, פארוואורף א. ד. ג.

shake togeth'er (שייק טו-געטה'-ער) זיך צופאסען איינער צום אנדערען; זיין אין גוטע בעציהונגען; צוזאמענטרייסלען.

shake up (שייק אפ) אויפטרייסלען [ווי די פעדערען פון א קישען]; ווערען אויפגעטרייסעלט, ערציטערט [ווי פון אן אונערווארטעטען צוזאמענשטויס]; צוגויפשטימען, זיין אין גוטע בעציהונגען.

shake'-up *n.* (שייק'-אפ) אן אויפטרייסלונג, אן ערציטערונג.

sha'kily *adv.* (שיי'-קי-לי) אויף א טרייסלענדען אדער ציטערענדען אופן.

sha'kiness *n.* (שיי'-קי-נעס) וואקעלדיגקייט, שאקעלדיגקייט

sha'king *n.* (שיי'-קינג) דאס ציטערען, דאס טרייסלען; די ערציטערונג.

sha'king a'gue (שיי'-קינג איי'-גיו) ווארפענדע קדחת [די ערנסטע פארם פון קדחת, ווען דעם חולה טרייסעלט פון קעלט].

shak'o *n.* (שעק'-או) א קיווער [א מין אלטפרענקישעם מיליטערישעם היטעל].

Shakspe'rian *a. and n.* (שייק-ספי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם גרעסטען ענגלישען דראמאטורג שעקספיר, זיינע דראמען אדער זיין ארט שרייבען; א קענער פון שעקספיר'ס ווערק.

Shakspe'rianism *n.* (שייק-ספי'-רי-ען-איזם) עטוואס וואס איז ספעציעל שייך אדער איז ספעציעל כאראקטעריסטיש פאר שעקספיר [ווי א בעזונדערעס ווארט אדער אויסדרוק].

shak'u *n.* (שעק'-או) א יאפאנעזישע לענג=מאס פון אונגעפעהר 11¾ צאל.

shak'udo *n.* (שעק'-או-דאו) שאקודא [א יאפאנעזישע ליגאטור פון קופער מיט עטליכע פראצענט גאלד, וואס ווערט געברויכט פאר פערשיעדענע ארנאמענטען].

sha'ky *a.* (שיי'-קי) שאקעלדיג; שוואך צוזאמענגעשטעלט, פאנאנדערפאלענד; וואקעלדיג, אונזיכער; שוואך; פול מיט שפאלטען; מיט צווייפעלהאפטע פעהיגקייטען.

shale *n. and v.* (שייל) א הילז; א שאלעכץ; א מין שיפער=שטיין, וואס שפאלט זיך אין דינע פלאטען; אבשיילען, שיילען.

shall *v. and n.* (שעל) זאלען, מוזען; ווען; דער שעל [א מין אפריקאנישער פיש].

shalloon' *n.* (שע-לוהן') שאלאן [א מין לייכטער וואלען=צייג].

shal'lop *n.* (שעל'-אפ) א מין לייכטע שיף.

shallot' *n.* (שע-לאט') שאלאט [א מין ציבעלע].

shal'low *a., n. and v.* (שעל'-או) 1. ניט טיעף; פלאך; אויבערפלעכליך; 2 ניט קיין טיעפער ארט; 3. אבפאלען, ווערען פלאך; מאכען ניט טיעף.

3. The water shallows rapidly as one approaches the bar.

shal'low-brained *a.* (שעל'-או-בריינד) אויבערפלעכליך, מיט א פוסטען קאפ, דום.

shal'low-hear'ted *a.* (שעל'-או-האר'-טעד) מיט אויבערפלעכליכע געפיהלען; ניט פעהיג צו טיעפע געפיהלען.

shal'lowling *n.* (שעל'-א-לינג) אן אויבערפלעכליכער מענש; א נארישער יונג.

shal'lowly *adv.* (שעל'-א-לי) אויף אן אויבערפלעכליכען שטייגער.

shal'lowness *n.* (שעל'-א-נעס) פלאכקייט אדער ניט=טיעפקייט [פון א וואסער]; דומהייט; אויבערפלעכליכקייט.

shal'low-pa'ted *a.* (שעל'-או-פּיי'-טעד) נאַריש, דום.

sham *v., n. and a.* (שעם) אָבנאַרען, בעטריגען, אונטערשטעלען אַ הינטער־פּיסעל, אָבטהאָן אַ שפּיצעל; זיך פערשטעלען; דאָס אָבנאַרען; בעטרוג; אַ געפעלשטער אַרטיקעל, אַ געפעלשטע סחורה; אַ בעטריגער, אַ שווינדלער; פאַלש, אונעכט, ניט ווירקליך, נאָכגעמאַכט; שיינבאַר, כלומר'שט.

sham A'braham (שעם איי'-ברע-העם) פערשטעלען זיך פאַר אַ חולה, מאַכען זיך כלומר'שט קראַנק [כדי זיך אויסצודרעהען פון אַרבייט].

Sham'an *n. and a.* (שעמ'-ען) אַ שאַמאַן, אַ פּריסטער ביי די געצענדיענערישע אונציוויליזירטע שבטים פון צפון־סיביריען, ווי די אָסטיאַקען, סאַמאָיעדען א. ד. ג; וואָס איז שייך צו שאַמאַניזם. ז. *Shamanism*.

Sham'anism *n.* (שעמ'-ען-איזם) שאַמאַניזם, דער קולט און גלויבען פון די געצענדיענערישע אונציוויליזירטע שבטים פון צפון־אזיען, ווי די אָסטיאַקען, סאַמאָיעדען א. ז. וו., וועלכע גלויבען, אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט בייזע בלוטדורשטיגע רוחות און געטער, וועלכע מען קען איבערבעטען און גוט מאַכען נור דורך קרבנות און פערשיעדענע רעליגיעזע צערעמאָניעס.

sham'ble *n. and v.* (שעמבל) אַ באַנק אָדער טיש אויף אַ מאַרק, אויף וועלכען עס זיינען פאַנאַנדערגעלעגט סחורות; אַן אונזיכערער און אומגעלומפּערטער גאַנג; געהן שלעפּענדיג מיט די פיס; בעוועגען זיך אומגעלומפּערט.

sham'bles *n.* (שעמבלז) אַ שלאַכט־הויז; אַ פליישבאַנק; אַ פליישמאַרק.

sham'bling *n. and a.* (שעמ'-בלינג) דאָס געהן שלעפּענדיג מיט די פיס; אַן אומגעלומפּערטער גאַנג; זיך שלעפּענד, וואָס געהט שלעפּענדיג מיט די פיס.

shame *n. and v.* (שיים) שאַם, שמאַך, שאַנדע, חרפּה; איינער אָדער עפּעס וואָס רופט אַרויס שאַנדע; אַ שענדליכע בעהאַנדלונג; פעראַכטונג; שפּאָט; אומ'כבוד; די בעדעקטע טיילען פון קערפּער; זיך שעמען; פערשעמען; שענדען, אַרויפוואַרפען אַ שאַנדע.

shame'faced *a.* (שיימ'-פייסט) שעמעוודיג.

shame'facedly *adv.* (שיימ'-פייסט-לי) אויף אַ שעמעוודיגער אַרט; מיט בושה.

shame'facedness *n.* (שיימ'-פייסט-נעס) שעמעוודיגקייט, בושה.

shame'ful *a.* (שיימ'-פול) שענדליך, מיאוס, אונאַנשטענדיג.

shame'fully *adv.* (שיימ'-פול-אי) אויף אַ שענדליכער אַרט.

shame'fulness *n.* (שיימ'-פול-נעס) שענדליכקייט, חרפּה.

shame'less *a.* (שיימ'-לעס) אונפערשעמט, חוצפה'דיג, העזה'דיג.

shame'lessly *adv.* (שיימ'-לעס-לי) אויף אַן אונפערשעמטען אופן.

shame'lessness *n.* (שיימ'-לעס-נעס) אונפערשעמטהייט.

shame'-proof *a.* (שיימ'-פּרוהף) אונעמפּפינדליך צו שאַנדע; וואָס האָט ניט קיין געפיהל פון בושה.

sha'mer *n.* (שיי'-מער) אַ שענדער, איינער אָדער עפּעס וואָס פערשעמט.

shamma'tha *n.* (שע-מאַ'-טהאַ) ביי די פאַרצייטיגע אידען — שמתא, דער שטרענגסטער חרם, וואָס ווערט אויף איינעם אַרויפגעלעגט אויף'ן גאַנצען לעבען.

sham'mer *n.* (שעמ'-ער) אַ בעטריגער, אַ שווינדלער; אַ ליגנער.

sham'my *n.* (שעמ'-אי) זעמש [אַ מין ווייכער לעדער].

sham'oy *v.* (שעמ'-אָי) מאַכען זעמש; בעאַרבייטען לעדער ווי זעמש.

shampoo' *v. and n.* (שעמ-פּוה') שאַמפּואירען, וואַשען און רייניגען דעם קאָפּ; רייבען דעם קערפּער נאָך אַ באָד, מאַכען מאַסאַזש; אַ שאַמפּו, דאָס וואַשען און רייניגען דעם קאָפּ.

sham'rock *n.* (שעמ'-ראָק) דער קריכענדער ווייס־קלעע [אַזאַ דריי־בלעטערדיגעם גראָז]; דער דריי־בלאַט [די נאַציאָנאַלע עמבלעם פון אירלאַנד]

shan'dry *n.* (שענ'-דרי) ז. *shandrydan*

shan'drydan *n.* (שענ'-דרי-דען) אַ לייכט וועגעל אויף צוויי רעדער; אַן אַלטמאָדישער וואָגען אָהן פּרוזשינעס [רעסאָרען].

shan'dygaff *n.* (שענ'-די-געף) אַ מין געטראַנק געמישט פון ביער מיט אינגבער־ביער.

shanghai' *n. and v.* (שענג-האַי') אַזאַ כינעזישע הוהן מיט זעהר לאַנגע פיס; אַ הויכער מענש; פער'שכור'ען אָדער בעטויבען איינעם און איהם פערשלעפּען אויף אַ שיף, וועלכע נויטיגט זיך אין מאַטראָזען.

shank *n. and v.* (שענק) דער שיענביין, דער טייל פון פוס פון דער קניע ביז'ן קנעכעל; דער פוס; עטוואָס וואָס איז ענליך צו אַ שיענביין; דער טייל פון אַ געצייג אָדער אינסטרומענט אויף וועלכען עס ווערט אַרויפגעזעצט אַ הענטעל; אַ שטיעל; אַ שאַפט; דער טייל פון אַ מעסער, דלאָט א. ד. ג. וואָס איז אַריינגעשטעקט אין שטיעל; דער גראַדער טייל פון אַ טשוואַק אָהן דעם קעפּעל און דעם שפּיץ; אין דרוקעריי — דער שריפט־קעגעל [דאָס שטיקעל בליי, אויף וועלכען עס איז אויסגעדריקט דער שריפט־בוכשטאַב]; דאָס אויערעל פון אַ קנעפּעל; דער טייל פון אַ שוך צווישען דעם ברייטען טייל פון זויל אָדער פּאַדעשווע און דעם קנאַפּעל; אין מעטאַל־גיסערייען — דער גרויסער לעפעל אַנצונעהמען צושמאָלצענעם מעטאַל; אין אַרכיטעקטור — דער שאַפט פון אַ זייל [דער טייל צווישען דעם פונדאַמענט און דעם קאָפּ]; דער לעצטער טייל פון עפּעס; האָבען אַ שוואַכען שטענגעל [וועגען אַ פלאַנצע]; אַראָבפאַלען צוליעב די שוואַכקייט פון שטענגעל [וועגען אַ בלום].

shanked *a.* (שענקט) מיט אַ שאַפט; שענקעלדיג; מיט אַ שטיעל אָדער שטענגעל ענליך צו אַ פוס; מיט אַ שוואַכען שטענגעל [וועגען אַ פלאַנצע].

shan'ker *n.* (שענ'-קער) [אַ שאַנקער] אַ מין ווענערישע אָדער געשלעכטס־קראַנקהייט].

shank'-pain'ter *n.* (שענק'-פּיינ'-טער) אַזאַ קורצער שטריק און קייט צו האַלטען דעם אַנקער פון אַ שיף האָריזאָנטאַל.

shanks' mare (שענקס מעהר) דער אייגענער געשפּאַן [די אייגענע פיס].

sha'n't (שענט) [פערקירצונג פון זאָל ניט *shall not*].

shan'ty *n. and v.* (שענ'-טי) אַ כאַלופּע; אַ ברעטער־הייזעל; אַ וואַלד־הייזעל; אַ שענק; אַזאַ כאָר־געזאַנג פון מאַטראָזען, בעת זיי שלעפּען אַרויף שווערע משאות; לעבען אין אַ פּראָסטען אָרימען הייזעל, לעבען אין אַ כאַלופּע.

shan'tyman *n.* (שענ'-טי-מען) דער איינוואוינער פון אַ ברעטער־הייזעל אין וואַלד; דער מאַטראָז וואָס פיהרט אָן אַ כאָר־געזאַנג ביים אַרויפשלעפּען שווערע משאות.

sha'pable *a.* (שיי'-פּעבל) וואָס קען גע־פאָרמט אָדער פאָרמירט ווערען.

shape *v. and n.* (שייפּ) פאָרמירען; מאַכען; בויען; אויסבילדען; בעשאַפען; צוגעבען אַ געוויסע פאָרם; צופּאַסען צו אַ געוויסען צוועק; פּלאַנירען; מאַכען לויט אַ בעשטימטען פּלאַן; איינאָרדנען, צוגרייטען; ריכטען איינעמס גאַנג צו אַ געוויסען פּונקט; זיך פערשטעלען, בעגרייפען; בעשטימען צו עפּעס; אַ פאָרם, אַ געשטאַלט, אַן אויסזעהן; אַ פאַנטאַסטישע פערשטעלונג; די פערקערפּערונג פון אַ אידעע, פון אַ געדאַנק; אַ פערקליידונג; אַ טעאַטראַלער קאָסטיום; די אַרט און ווייזע פון עפּעס; אַ מאָדעל אָדער מוסטער נאָכצופאָלגען ביי דער אַרבייט; אַ דעסערט־געריכט וואָס איז געמאַכט אין אַ פורעם.

shaped *a.* (שייפּט) געבויט, פאָרמירט [ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט אַנדערע ווערטער]; וואָס איז געבויגען אין אַ פערשיעדענאַרטיגער פאָרם [וועגען אַ ראַהם פון אַ שפּיגעל אָדער בילד].

shape'less *a.* (שייפּ'-לעס) אָהן געשטאַלט, אָהן פאָרם.

shape'lessness *n.* (שייפּ'-לעס-נעס) פאָרמלאָזיגקייט; דאָס זיין אָהן אַ געשטאַלט.

shape'liness *n.* (שייפּ'-לי-נעס) דאָס זיין גוט געשטאַלטעט, דאָס זיין שעהן געבויט.

shape'ly *a.* (שייפּ'-לי) גוט געשטאַלטעט, שעהן געבויט.

sha'per *n.* (שיי'-פּער) אַ פאָרמירער, איינער וואָס גיט צו אַ פאָרם אָדער געשטאַלט; אַ פּרעס־מאַשין, אַ מאַשין צו פאָרמירען פערשיעדענע מעטאַל־אַרבייט; אין האָלץ־אַרבייט — אַ מין שניץ־מאַשין.

shape'smith *n.* (שייפּ'-סמיטה) דער פערבעסערער פון מענשען־געשטאַלט; איינער וואָס נעהמט זיך אונטער צו פערווירקליכען אונמעגליכע זאַכען.

shape up (שייפּ אָפּ) צוגעבען אַ שטענדיגע פאָרם, אַריינלעגענדיג אַ שטייפען שטאָף [ווי ביי נעהען אַ קלייד].

sha'ping-machine' *n.* (שיי'-פּינג-מע-שין') אַ פּרעס־מאַשין, אַ מאַשין צו פאָרמירען פערשיעדענע מעטאַל־אַרבייט.

shard *n.* (שאַרד) אַ שערבעל; אַ שאָלעכץ פון אַן איי; דער אויבערשטער פליגעל־צודעק פון אַ זשוק אָדער גריל.

shar'ded *a.* (שאַר'-דעד) מיט האַרטע אויבער־פליגלען [ביי אינזעקטען].

shar'dy *a.* (שאַר'-די) שערבעלדיג, ווי אַ שערבעל.

share *n. and v.* (שעהר) אַ טייל, אַ חלק; אַ טייל פון אַ זאַך, וואָס בעלאַנגט צו אַ צאָהל מענשען; אַן אַקציע; דער שפּיציגער טייל פון אַ פלוג וואָס שניידט די ערד ביים אַקערען; דער שאַר־ביין [דער ביין אַרום די געשלעכטס־אָרגאַנען]; צוטיילען אויף בעזונדערע חלקים; נעהמען אַן אַנטייל; בעקומען זיין חלק; האָבען אַ חלק אין עפּעס; שניידען, שערען.

share'-beam *n.* (שעהר'-ביעם) דער טייל פון פלוג, צו וועלכען עס איז צוגעפעסטיגט דער אַקער־אייזען.

share'-bone *n.* (שעהר'-באָון) דער

side *n., v. and a.* (סאיד) א זייט; אן ענד, א ברעג; א צד; א מיינונג וואס ווערט פערטרעטען פון איין צד נעגען צווייטען; א זייט פלייש [א האלבע געשאכטענע בהמה נעשפאלטען פאר לענגס פון רוקען]; אננעהמען אדער שטעלען זיך אויף איינעמס צד; צוהאקען אין זייטען [וועגען געשאכטענע בהמות]; אבטעסען, ארומהאקען אדער אבזעגען די זייטען [פון א באלקען]; אוועקלעגען אויף א זייט; אברוקען אן א זייט; זייטיג, וואס איז אויף איין זייט; נעבענזעכליך, אינדירעקט.
side'-arms *n.* (סאיד'-ארמז) זייטען-געוועהר [געוועהר וואס ווערט געטראגען אויפגעהאנגען אויף דער זייט פון קערפער, ווי א שווערד, א קינזשאל א. ד. ג.].
side'board *n.* (סאיד'-באורד) א בופעט, אזא קאמאד אין א שפייז-צימער צו האלטען טיש-וועש און טיש-געשיר; א זייטען-ברעט.
side by side (סאיד באי סאיד) זייט ביי זייט, איינער נעבען דעם אנדערען.
side'-chain *n.* (סאיד'-טשיין) א זיכערהייטס-קייט פון א לאקאמאטיוו.
side'-cous'in *n.* (סאיד'-קאז'ן) א ווייטיגער קרוב.
side'-cut'ting *n.* (סאיד'-קאט'-אינג) דאס אבגראבען די ערד לענגס די זייטען פון א קאנאל אדער פון אן אייזענבאהן אום עס צו געברויכען אלס אויפשיט-מאטעריאל; א וועג אדער קאנאל וואס ווערט געשניטען לענגס פון א משופע'דיגען בארג וואו דער אויפשיט איז נויטיג בלויז פון איין זייט און די צווייטע זייט ווערט געמאכט פון דער אבגעגראבענער ערד.
si'ded *a.* (סאי'-דעד) זייטיג; ארומגעהאקט, אבגעטעסעט אדער אבגעזעגט פון די זייטען [וועגען באלקענס].
side'-dish *n.* (סאיד'-דיש) א ביי-געריכט, א נעבען-געריכט.
side'-drum *n.* (סאיד'-דראם) א קליינע מיליטערישע פויק אויף וועלכער עס ווערט אויסגעקלאפט דער טאקט ביים מארשירען.
side is'sue (סאיד איש'-או) א נעבענזעכליכע פראגע, א זייטיגער שטרייט-פונקט.
There were too many side issues brought into the debate.
side'-light *n.* (סאיד'-לאיט) א זייטען-ליכט, ליכט וואס קומט פון א זייט; א זייטיגע אדער צופעליגע בעלייכטונג אדער אילוסטראציאן; א זייטען-פענסטער.
side'-line *n. and v.* (סאיד'-לאין) א נעבען-ארטיקעל אין א געשעפט; א נעבען-בעשעפטיגונג, א זייטיגע בעשעפטיגונג; א שטריק מיט וועלכען מען בינדט ביי א פערד דעם פאדערשטען און הינטערשטען פוס פון דערזעלבער זייט כדי ער זאל ניט אנטלויפען; פערבינדען מיט א שטריק די פאדערשטע און הינטערשטע פיס פון א פערד.
side'ling *adv. and a.* (סאיד'-לינג) זייטווערטס; שרעג, משופע, געבויגען.
side'long *a. and adv.* (סאיד'-לאהנג) זייטיג, געבויגען אויף א זייט; משופע, שרעג; אויף דער זייט; זייטווערטס.
side'-note *n.* (סאיד'-נאוט) א ראנד-בעמערקונג [אויף א בלאט].
side'-oats *n.* (סאיד'-אוטס) אזא גראז וואס ווערט בענוצט אלס היי.
side part'ner (סאיד פארט'-נער) א שותף אדער קאמעראד מיט וועלכען מען ארבייט צוזאמען אין איין אונטערנעהמונג אדער ביי איין בעשעפטיגונג.
side'-play *n.* (סאיד'-פליי) א זייטען-בעוועגונג, א בעוועגונג ניט אין דער געוואונשטער ריכטונג.
si'der *n.* (סאי'-דער) איינער וואס וואהנט אין א געוויסען טייל אדער געגענד פון שטאדט; איינער וואס נעהמט זיך אן פאר אימעצענס צד, א פארטייאישער.
side'-rail *n.* (סאיד'-רייל) א זייטען-שינע, א זיכערהייטס-שינע [א שטיקעל רעלסע וואס ווערט געלעגט ביי א וואך-שטעלע פון אן אייזענבאהן אום צו פערהיטען, אז די רעדער זאלען ניט אראב פון די רעלסען].
sid'eral *a.* (סיד'-ע-רעל) ז. ***sidereal***
side'real *a.* (סאי-די'-רי-על) פון שטערען; וואס איז שייך צו שטערען; וואס איז צונויפגעשטעלט פון שטערען; געשטערנט.
side'real day (סאי-די'-רי-על דיי) דער שטערען-טאג [דער טאג וואס ווערט גערעכענט לויט דער אומדרעהונג פון דער ערד אין בעצוג צו וועלכען עס איז שטערען. ער איז קירצער פאר דעם זונען-טאג מיט 3 מינוטען און 55 מיט 91 הונדערטעל סעקונדען].
side'real time (סאי-די'-רי-על טאים) די שטערען-צייט [די צייט-רעכנונג לויט די אומדרעהונגען פון דער ערד אין בעצוג צו די שטערען. דער שטערען-טאג איז קירצער פאר דעם זונען-טאג מיט 3 מינוטען און 55 מיט 91 הונדערטעל סעקונדען].
side'real year (סאי-די'-רי-על ייר) דאס שטערען-יאהר [די צייט וואס די ערד מאכט א פאלשטענדיגע ארומדרעהונג ארום דער זון, וואס דאס מאכט אויס 365 טעג, 6 שטונדען, 9 מינוטען און 9½ סעקונדען].
sid'erism *n.* (סיד'-ע-ריזם) סידעריזם, די לעהרע, אז די שטערען האבען א ווירקונג אויף דעם שיקזאל פון מענשען.
sid'erite *n.* (סיד'-ע-ראיט) סידעריט, שפאט-אייזען-שטיין; מאגנעט-שטיין.
sid'erograph *n.* (סיד'-ע-רא-גרעף) א גראווירונג אין שטאהל.
siderograph'ic *a.* (סיד-ע-רא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון גראווירען אין שטאהל; וואס איז געמאכט מיט שטאהל-גראווירען.
siderograph'ical *a.* (סיד-ע-רא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***siderographic***
siderog'raphist *n.* (סיד-ע-ראג'-רע-

פיסט) א שטאהל־גראווירער, א שטאהל־שטעכער.

siderog'raphy *n.* (סיד־ע־ראג׳־רע־פי) די קונסט צו גראווירען אויף שטאהל.

sid'eromancy *n.* (סיד׳־ע־רא־מען־סי) א מין וואהרזאגונג אדער כשוף דורך ברענען שטרוי אויף גליהענדע אייזענס.

side'-room *n.* (סאיד׳־רוהם) א נעבען־צימער, א זייטען־צימער.

sid'eroscope *n.* (סיד׳־ע־רא־סקאופ) א סידעראסקאפ [אן אינסטרומענט אויסצוגעפינען שפורען פון אייזען אין א שטאף. דער אינסטרומענט בעשטעהט פון א קאמבינאציאן פון שטארק עמפפינדליכע מאגנעט־נאדלען].

sid'erotechny *n.* (סיד׳־ע־רא־טעק־ני) די מעטאלורגיע פון אייזען.

siderur'gical *a.* (סיד־ע־רויר׳־דזשי־קעל) וואס איז שייך צו אייזען און שטאהל פאבריקאציאן.

siderur'gy *n.* (סיד־ע־רויר׳־דזשי) אייזען און שטאהל־פאבריקאציאן.

side'-sad'dle *n.* (סאיד׳־סעד׳ל) א קווער־זאטעל, א פרויען־זאטעל [א זאטעל אויף וועלכען מען זיצט אזוי, דאס ביידע פיס זיינען פון איין זייט].

side'saddle-flow'er *n.* (סאיד׳־סעדל־פלאו׳־ער) די דאמען־זאטעל בלום [אזא בלום וואס איז ענהליך צו א דאמען־זאטעל].

Sidesaddle-flower

side'-show *n.* (סאיד׳־שאו) א זייטיגע סצענע, א נעבענזעכליכעס בילד; א נעבען־שפיעל.

side'-slip *n.* (סאיד׳־סליפ) א נעבען־צווייגעל; אן אונגעזעצליך קינד; א זייטען־אבטיילונג אויף דער סצענע פון א טעאטער, וואוהין די דעקאראציאנען ווערען אוועקגענומען.

side'-split'ting *a.* (סאיד׳־ספליט׳־אינג) וואס איז צום פלאצען [פון געלעכטער].

We saw a **side-splitting** farce.

side'step *v.* (סאיד׳־סטעפ) אויסמיידען, אויסווייכען, זיך ארויסדרעהען.

side'-step *n.* (סאיד׳־סטעפ) א זייטען־שריט, א שריט אן דער זייט; אן אויסמיידונג.

side'-ta'ble *n.* (סאיד׳־טיי׳־בל) א נעבען־טיש, א זייטען־טיש [א קליינער טיש וואס שטעהט ביי דער וואנד פון א שפייז־צימער, אויף וועלכען עס ווערט געהאלטען די נויטיגע טיש־געשיר].

side'-ta'king *n.* (סאיד׳־טיי׳־קינג) דאס שטעלען זיך אויף אימעצענס צד.

side'-track *n. and v.* (סאיד׳־טרעק) א זייטען־קאלעע, א זייטען־אייזענבאהן־ליניע [נעבען־שינעס וועלכע צווייגען זיך אב פון דער הויפט־ליניע]; אראבפיהרען א וואגען אדער צוג פון דער הויפט־קאלעע אויף א זייטען־קאלעע; אראבקריכען אן דער זייט; אבווייכען פון גראדען וועג, אבווייכען פון ציעל; אבציהען די אויפמערקזאמקייט אויף א זייטיגער זאך.

side view (סאיד וויו) א זייטען־בליק, א קוק פון דער זייט.

side'-view *n.* (סאיד׳־וויו) א זייטען־אנזיכט, די אנזיכט פון א זאך געזעהן פון איין זייט.

side'walk *n.* (סאיד׳־וואהק) א טראטואר.

side'ward *adv. and a.* (סאיד׳־הווארד) צו דער זייט־צו, זייטווערטס; וואס בעוועגט זיך זייטווערטס.

side'wards *adv.* (סאיד׳־הווארדז) צו דער זייט־צו, זייטווערטס.

side'way *adv.* (סאיד׳־הוויי) ז. *sidewise*.

side'ways *adv.* (סאיד׳־הווייז) ז. *sidewise*.

side'-wheel *n. and a.* (סאיד׳־הוויעל) א זייטען־ראד [א ראד פון דער זייט פון א מאשין, פון א שיף, פון א וואגען א. ד. ג.]; וואס האט זייטען־רעדער.

side'-whee'ler *n.* (סאיד׳־הוויע׳־לער) א דאמפף־שיף מיט זייטען־רעדער.

side'-whis'kers *n.* (סאיד׳־הוויס׳־קערז) באקען־בערד.

side'-wind *n.* (סאיד׳־הווינד) א זייטען־ווינד; אן אינדירעקטער איינפלוס.

side'-wings *n.* (סאיד׳־הווינגז) זייטען־קוליסען אין א טעאטער.

side'wise *adv.* (סאיד׳־הוואיז) זייטווערטס, אויף א זייט.

side with (סאיד הוויטה) האלטען מיט אימעצען, זיין אויף אימעצענס צד.

si'ding *n.* (סאי׳־דינג) דאס שטעלען זיך אויף איינעמס צד, דאס האלטען מיט אימעצען; דאס צוטיילען זיך אין צדדים; א קורצע נעבען־קאלעע אדער אייזענבאהן־ליניע, וואס צווייגט זיך אב פון דער הויפט־ליניע; דאס בעשלאגען א הילצערנעם הויז מיט ברעטער אדער שינדלען.

si'ding-machine' *n.* (סאי׳־דינג־מע־שין׳) א מאשין צום זעגען ברעטער פון קלעצער.

si'dle *v.* (סאידל) זיך בעוועגען זייטווערטס; געהען פון דער זייט.

si'dler *n.* (סאי׳־דלער) איינער וואס געהט פון דער זייט, איינער וואס האנדעלט ניט דירעקט, נאר מיט זייטיגע וועגען.

Sido'nian *a. and n.* (סאי־דאו׳־ני־ען) וואס איז שייך צו צדון [די הויפט־שטאדט פון פארצייטיגען פעניציען]; אן איינוואוינער פון צדון.

siege *n. and v.* (סיעדזש) בעלאגערונג; בעלאגערען; שטורמען, דרינגליך צוטרעטען צו עפעס.

siege'-gun *n.* (סיעדזש׳־גאן) א בעלאגערונגס־הארמאט [זעהר א שווערער הארמאט].

siege'-train *n.* (סיעדזש׳־טריין) די ארטילעריע, וועגען און פערשיעדענע פריפאסען וואס אן ארמעע נעהמט מיט זיך צו בעלאגערען א פעסטונג.

siege'-works *n.* (סיעדזש׳־הווירקס) בעלאגערונגס־ארבייט, די טראנשעען, גראבונגען און בעפעסטיגונגען וואס ווערען געמאכט פון א בעלאגערענדער ארמעע.

si'enite *n.* (סאי׳־ען־איט) ז. *syenite*.

sien'na *n.* (סי־ען׳־א) די סיענא־ערד, א מין לייס, פון וועלכער עס בעקומט זיך א ברוין־געלבע פארב, וואס ווערט געברויכט אין מאלעריי.

sier'ra *n.* (סיער׳־א) די סיערא, א רייה פעלזען אדער בערג [ווי די סיערא־נעוואדא — א רייה בערג אין שפאניען און קאליפארניען]; א מין סקומבריא אדער מאקרעל [זעהר א ווערטהפאלער שפייז־פיש].

sies'ta *n.* (סיעס׳־טא) די סיעסטא, די מיטאגס־רוה, די רוה פון מיטאגס־צייט, ווען עס איז זעהר הייס [אין שפאניען און אנדערע הייסע לענדער].

sieur *n.* (סיער) הערר [אן אמאליגער טיטול פון רעספעקט אין פראנקרייך].

sieve *n. and v.* (סיוו) א זיב, א רעשעטע; עפעס וואס האט די פארם פון א זיב אדער רעשעטע; איינער וואס פלאפלט אויס אלץ וואס ער ווייס; א מענש וואס קען ניט איינהאלטען קיין סוד; זיפען, איבערזיפען.

Sifa'tite *n.* (סי־פא׳־טאיט) דער סיפאטיט, איינער פון די סיפאטיטען [א געוויסע סעקטע אין דער מאכמעדאנישער רעליגיאן].

sift *v.* (סיפט) זיפען; פרובירען, אונטערזוכען, אויספארשען.

sif'ter *n.* (סיפ׳־טער) א זיפער; א זיב, א רעשעטע.

sif'ting *n.* (סיפ׳־טינג) דאס זיפען; דאס פארשען; דאס אונטערזוכען.

sigh *v. and n.* (סאי) 1. זיפצען; 2. שמאכטען נאך עפעס; 3. ארויסלאזען א זיפץ, בעקלאגען, בעדויערען; 4. א זיפץ.

2. It is customary to **sigh** for the good old times. 4. When the vote was announced we heaved a **sigh** of relief.

sigh'ingly *adv.* (סאי׳־אינג־לי) זיפצענדיג; מיט זיפצען.

sight *n. and v.* (סאיט) דאס זעהן, דער בליק; די זעה־קראפט, די ראיה; די אנזיכט, דער אנבליק; א בליק, א קוק; די ארט פון ארומזעהן אדער אורטיילען וועגען עפעס, דער געזיכטס־פונקט, דער שטאנדפונקט; דאס ווארפען זיך אין אויג, דאס לאזען זיך זעהן; די איינזיכט, דאס אריינבליקען אין עפעס, דאס בעקאנט ווערען מיט א זאך; די זעהונגס־ווירדיגקייט, עפעס וואס איז ווערטה צו זעהן אדער צו בעטראכטען; די מענגע, די מאסע; די בעאבאכטונג [מיט מעטאמאטישע אינסטרומענטען]; עפעס וואס העלפט צו זעהן, דער זעה־פונקט [ווי דאס לעכעל אדער דער חלל פון א רעהר, דורך וועלכען מען קוקט אויף עפעס]; דער ריכט־פונקט [ווי דאס ארויסגעשטארצטע שטריכעלע ביים ענד פון רעהר פון א ביקס, לויט וועלכען עס ווערט געריכטעט דאס ציעלען]; א שאנס, א געלעגענהייט, א מעגליכקייט צו טהאן עפעס; קומען צום אויג; לאזען זיך זעהן; געניי ארומזעהן, בעאבאכטען מיט אן אינסטרומענט [ווי דעם גאנג פון א שטערן]; אין קאמערץ — צום זיכט ברייננגען, צושטעלען [א וועקסעל, א באנק־פאפיער]; ריכטען דעם בליק צו עפעס; ציעלען [מיט א ביקס].

sight'-hole *n.* (סאיט׳־האול) א קוק־לאך.

sight'less *a.* (סאיט׳־לעס) אהן א ראיה, בלינד.

sight'lessly *adv.* (סאיט׳־לעס־לי) אויף א בלינדען שטייגער.

sight'lessness *n.* (סאיט׳־לעס־נעס) דאס זיין בלינד, דאס ניט האבען קיין ראיה.

sight'liness *n.* (סאיט׳־לי־נעס) דאס זיין אנגענעהם צו זעהן, שעהנקייט.

sight'ly *a.* (סאיט׳־לי) אנגענעהם צו זעהן, גוט געשטאלטעט, שעהן.

sight'-rea'der *n.* (סאיט־ריע׳־דער) א מוזיקאנט וואס קען לעזען אדער שפיעלען נאטען גלייך ווי ער זעהט זיי, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'-rea'ding *n.* (סאיט־ריע׳־דינג) דאס קענען לעזען אדער שפיעלען נאטען

גלייך אויפ'ן בליק, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'seeing *n.* (סאיט'–סיע–אינג) דאס ארומגעהן אדער ארומפאהרען אין א שטאדט צו זעהן אדער בעטראכטען אינטערעסאנטע זאכען, געביידעס אדער געגענדען.

sight'seer *n.* (סאיט'–סיע–ער) איינער וואס געהט ארום אדער פאהרט ארום אין א שטאדט צו זעהן אינטערעסאנטע זאכען, געביידעס אדער געגענדען.

sights'man *n.* (סאיטס'–מען) א מוזיקער וואס שפיעלט גלייך פון נאטען, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'-wor'thy *a.* (סאיט'–הוואיר'–טהי) וואס איז ווערטה צו זעהן.

sig'il *n.* (סידזש'–איל) א חתימה; א פער־קירצטער צייכען, אדער אונטערשריפט; א מאגישער אדער אסטראלאגישער צייכען.

Sigilla'ria *n.* (סידזש–אי–ליי'–רי–א) די סיגילאריען, א מין גרויסע לאנג־פערשוואונדענע בוימער פון די פארהיסטארישע צייטען [פערשטיינערטע שטאמען, צווייגען און ווארצלען פון דיעזע בוימער געפינט מען אין די שיכטען פון שטיין־קויהלען].



Sigillaria

sigilla'rian *a.* (סידזש–אי–ליי'–רי–ען) וואס איז שייך צו די סיגילאריען. ז. ***Sigillaria***

sig'illary *a.* (סידזש'–אי–לע–רי) וואס איז שייך צו א חתימה; וואס האט אויף זיך א חתימה.

sig'illate *a.* (סידזש'–אי–לייט) אין קעראמיק אדער טעפעריי — וואס איז בעציערט מיט איינגעפרעגטע צייכנונגען [וועגען ליימענע כלים]; ווי געשטעמפעלט [וועגען פלאנצען]; קלאר אנגעדייטעט.

sigilla'tion *n.* (סידזש–אי–ליי'–שאן) דאס בעציערען ליימענע געשיר מיט איינגעפרעגטע צייכנונגען.

sigillog'raphy *n.* (סידזש–אי–לאג'–רע–פי) די לעהרע און בעשרייבונג פון שטעמפלען און חתימות.

sig'la *n.* (סיג'–לא) א מאנאגראם וואס איז אויסגעקריצט אויף א שטעמפעל.

sig'los *n.* (סיג'–לאס) אן אלט־פערסישע זילבערנע מטבע.

sig'ma *n.* (סיג'–מא) די סיגמא, א גריכישער בוכשטאב וואס האט דעם קלאנג פון א סמך ["ס"]. ז. ***sigmoid***

sig'matism *n.* (סיג'–מע–טיזם) א שוועררע אדער שלעכטע אויסשפראכע פון דעם קלאנג "ס"; געברויך אדער וויעדערהאלונג פון א סיגמא אדער פון א "ס". ז. ***sigmoid***

sig'moid *a. and n.* (סיג'–מאיד) וואס האט די פארם פון דעם גריכישען בוכשטאב סיגמא [Σ] אדער פון לאטיינישען בוכשטאב *S*; א געבויגענע ליניע אין דער פארם פון א סיגמא.

sigmoi'dal *a.* (סיג–מאי'–דעל) וואס האט די פארם פון א סיגמא. ז. ***sigmoid***

sign *n. and v.* (סאין) עפעס; א צייכען וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס אן אנדייטונג פון א געוויסער זאך; א שילד; א סמן; א סימבאל; א דענקמאל; א מערקמאל; א סימפטאם; א זשעסט, א בעוועגונג מיט'ן קאפ אדער האנד צו בעצייכנען א געדאנק אדער פערלאנג; א שטערען־צייכען, א שטערען־בילד [איינער פון די 12 סמנים פון זאדיאק]; צייכנען, בעצייכנען; אנדייטען; אונטערצייכנען, אונטערשרייבען; זיין א צייכען; דיענען אלס א פארבעדייטונג פון עפעס; געבען א צייכען אדער סיגנאל; ווינקען.

sig'nal *n., a. and v.* (סיג'–נעל) א סיגנאל, א צייכען; אויסגעצייכענט; מערקווירדיג; סיגנאליזירען, געבען א צייכען אדער סיגנאל; בעצייכנען, דיענען אלס צייכען.

sig'nal-book *n.* (סיג'–נעל–בוק) א בוך וואס ענטהאלט א סיסטעם פון סיגנאלען מיט ערקלערונגען ווי אזוי זיי צו געברויכען.

sig'nal-box *n.* (סיג'–נעל–באקס) א סיגנאל־טורם, א סיגנאל־הויז [צו געבען סיגנאלען אויף אן אייזענבאהן]; דאס ליארם־קעסטעל, דער טרעוואגע־אפאראט [פאר פאליציי אדער צו לאזען וויסען וועגען א פייער].

sig'nal-chest *n.* (סיג'–נעל–טשעסט) א סיגנאלען־קאסטען, א סיגנאלען־קאמער [צו האלטען די סיגנאל־פלאגען אויף א שיף].

sig'nal-code *n.* (סיג'–נעל–קאוד) דער קאדעקס אדער די סיסטעם פון סיגנאלען.

Sig'nal Corps (סיג'–נעל קאור) אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בריגאדע סאלדאטען, וואס ריכטען איין די סיגנאליזאציאן [ווי אויפשטעלען טעלעגראפען, טעלעפאנען א. ד. ג.] אין דער צייט פון מלחמה.

sig'naler *n.* (סיג'–נעל–ער) ז. ***signaller***

signalet'ic *a.* (סיג–נע–לעט'–איק) וואס איז שייך צו די אלגעבראאישע צייכענס פלוס [+] און מינוס [—].

signalet'ic se'ries (סיג–נע–לעט'–איק סי'–ריז) א רייה מאטעמאטישע אויסדריקע וואס ווערען בעטראכט בלויז אין בעצוג צו די צייכענס פלוס [+] אדער מינוס [—].

sig'nal-flag *n.* (סיג'–נעל–פלעג) איינער פון עטליכע פלאגען מיט פערשיעדענע קאלירען, וועלכע דיענען צו סיגנאליזירען.

sig'nalise *v.* (סיג'–נעל–איז) ז. ***signalize***

sig'nalist *n.* (סיג'–נעל–איסט) א סיגנאליסט, א סיגנאל־געבער.

sig'nalize *v.* (סיג'–נעל–איז) 1. אויסצייכנען, מאכען מערקווירדיג; אונטערשטרייכען; 2. בעצייכנען, אנדייטען.

2. Washington's entry into New York was signalized with elaborate festivities.

sig'nal-lamp *n.* (סיג'–נעל–לעמפ) דער סיגנאל־לאמפ; א לאמטערן וואס דיענט צו געבען סיגנאלען.

sig'naller *n.* (סיג'–נעל–ער) א סיגנאל־געבער; עטוואס מיט וואס מען גיט סיגנאלען.

sig'nally *adv.* (סיג'–נעל–אי) אויף אן אויסגעצייכענטען, מערקווירדיגען שטייגער.

sig'nalman *n.* (סיג'–נעל–מען) א סיגנאל־געבער.

sig'nal-post *n.* (סיג'–נעל–פאוסט) א סלופ, צו וועלכען עס זיינען צוגעריכט פלאגען אדער לאמטערנען, וואס דיענען אלס סיגנאלען.

sig'nal-rock'et *n.* (סיג'–נעל–ראק'–עט) א סיגנאל־ראקעטע.

sig'nal-ser'vice *n.* (סיג'–נעל–סויר'–ווים) די סיגנאל־דיענסט, די דיענסט אין ארמעע וואס האט א שייכות צום געבען סיגנאלען.

sig'natary *a. and n.* (סיג'–נע–טע–רי) ז. ***signatory***

sig'nate *a.* (סיג'–נייט) בעשטימט; בעדעקט מיט בוכשטאבען־עהנליכע פלעקען [וועגען אינזעקטען].

signa'tion *n.* (סיג–ניי'–שאן) א צייכען, א סימבאל, אן עמבלעם.

sig'natory *a. and n.* (סיג'–נע–טא–רי) וואס איז פערבונדען מיט אן אונטערשריפט צו די בעדינגונגען פון אן אבמאך אדער קאנטראקט; דער צד אין אן אבמאך וואס האט זיך פערפליכטעט מיט אן אונטערשריפט [ספעציעל בנוגע צו מלוכות, וועלכע שליסען צווישען זיך אן אבמאך].

sig'nature *n.* (סיג'–נע–טשור) אן אונטערשריפט, א חתימה, די אונטערצייכנונג; א סיגנאטור, א צייכען; א בוכשטאב אדער ציפער וואס ווערט געשטעלט ביים ענד פון יעדען געדרוקטען בויגען, כדי דער איינבינדער זאל קיין טעות ניט האבען ביים צוזאמענלעגען די אבגעדרוקטע בויגענס פון א בוך; א צונויפגעלעגטער אבגעדרוקטער בויגען פאפיער; די שליסעל־צייכענס אין מוזיק וואס בעשטימען די טאן־ארט; א צייכען עהנליך צו א בוכשטאב [ביי אינזעקטען].

sign'-board *n.* (סאינ'–באורד) א פלאקאטען־ברעט, א שילד־ברעט.

sign'er *n.* (סאינ'–ער) אן אונטערצייכנער, אן אונטערשרייבער; איינער וואס גיט זיין אונטערשריפט.

sig'net *n.* (סיג'–נעט) א זיגעל, א האנד־זיגעל.

sig'net-ring *n.* (סיג'–נעט–רינג) א רינג מיט א זיגעל אדער חתימה.

sig'nifiable *a.* (סיג'–ני–פאי–עבל) וואס קען בעצייכענט ווערען; וואס קען פארגעשטעלט ווערען דורך סמנים אדער צייכענס.

signif'icance *n.* (סיג–ניפ'–אי–קענס) דער זין, דער מיין, די בעדייטונג; די וויכטינקייט; דאס זיין בעדייטענד, דאס זיין וויכטיג.

signif'icancy *n.* (סיג–ניפ'–אי–קענ–סי) ז. ***significance***

signif'icant *a.* (סיג–ניפ'–אי–קענט) בעדייטענד, אנדייטענד; וויכטיג.

signif'icantly *adv.* (סיג–ניפ'–אי–קענט–לי) בעדייטענדיג; מיט אן אנדייטונג.

significa'tion *n.* (סיג–ני–פי–קיי'–שאן) די בעדייטונג, די אנדייטונג.

signif'icative *a.* (סיג–ניפ'–אי–קע–טיוו) ז. ***significant***

signif'icatively *adv.* (סיג–ניפ'–אי–קע–טיוו–לי) דורך אנדייטונג; אויף אן אנדייטענדען שטייגער.

signif'icator *n.* (סיג–ניפ'–אי–קיי–טאר) אן אנדייטער, איינער אדער עפעס וואס דייטעט אן אדער לאזט וויסען דורך ווערטער, צייכענס א. ד. ג.

signif'icatory *n.* (סיג–ניפ'–אי–קע–טא–רי) דער צייכען, די אנדייטונג.

sig'nifier *n.* (סיג'–ני–פאי–ער) אן אנ־

דייטער, איינער אדער עפעס וואס דייטעט אן.

sig'nify *v.* (סיג'-ני-פאי) 1. בעצייכנען, בעדייטען; 2. אנדייטען.
1. This statement does not signify anything.
2. "All those in favor please signify by saying aye".

si'gnior *n.* (סי'-ניאר) ז. ***signor***

sign man'ual (סאין מענ'-יו-על) אן אונטערשריפט מיט דער איינענער האנד [וועגען אן אפיציעלען דאקומענט, אונטער וועלכען דער קעניג אדער דאס מאגיסטראט האט זיך אליין אונטערגעשריעבען]; עטוואס וואס שפּיגעלט אב אדער דריקט אויס דעם כאראקטער אדער די אינדיווידואליטעט פון א געוויסער פערזאן.

sign of exclama'tion (סאין אוו עקס-קלע-מיי'-שאן) אן אויסרופס=צייכען [!].

sign of interroga'tion (סאין אוו אינ-טער-א-גיי'-שאן) א פראגע=צייכען [?].

si'gnor *n.* (סי'-ניאר) א סיניאר [אן איטאליענישער אדעלמאן אדער אריסטאקראט]; א הערר, אן אדעלמאן; הערר [א טיטול פאר דעם נאמען אין איטאליען].

signo'ra *n.* (סי-ניאו'-רא) סיניארא, מאדאם [א טיטול פון א פרוי אין איטאליען בעת מען רופט זי מיט'ן נאמען].

signori'na *n.* (סי-ניא-רי'-נא) סיניארינא, פריילין, מאדמואזעל [א טיטול פון א מיידעל בעת מען רופט זי מיט'ן נאמען].

sign'-post *n.* (סאינ'-פאוסט) א זייל אדער סלופּ [ווי נעבען אן אכסניא], אויף וועלכען עס הענגט א שילד.

signs of quota'tion (סאינז אוו קהוואטיי'-שאן) ציטירונגס=צייכען אדער גענזעפיסלעך [די צייכענס " " אין וועלכע עס ווערען איינגעשלאסען אן אנדערענס ווערטער אדער ווערטער וועלכע ווערען ציטירט פון אנדערסוואו].

si'ka *n.* (סי'-קא) דער סיקא, א מין יאפּאנעזישער הירש.

sil *n.* (סיל) געלבער אקער [אזא געלבער ליים וואס האט אמאל געדיענט אלס פארב ביי מאלער].

si'lage *n. and v.* (סאי'-לעדזש) ז. ***ensilage***

sile *n.* (סאיל) א זיפּ, א רעשעטע; א זייערעל, א פילטער [פאר פליסיגקייטען]; דאס וואס בלייבט פון דורכזיפּען אדער דורכזייען; פסלת, שמוץ.

si'lence *n. and v.* (סאי'-לענס) שטילקייט; דאס שווייגען, שווייגזאמקייט; פערשוויגענקייט, פערבארגענקייט, פערגעסענהייט; אין מוזיק — א פויזע; מאכען צו שווייגען, שטיל מאכען; איינשטילען.

si'lencer *n.** (סאי'-לענ-סער) איינער וואס שטילט איין; דער אדער דאס וואס מאכט שווייגען; א בערוהיגער.

si'lent *a.* (סאי'-לענט) שווייגענד, שטום; ניט בערעדעוודיג; וואס זאגט גארנישט וועגען א געוויסען געגענשטאנד; וואס קען קיין דעה ניט זאגען; אהן רייד; שטיל, רוהיג.

si'lently *adv.* (סאי'-לענט-לי) אויף א שווייגענדען, שטומען שטייגער.

si'lentness *n.* (סאי'-לענט-נעס) דאס שווייגען, דאס זיין שטיל.

si'lent part'ner (סאי'-לענט פארט'-נער) א שטילער שותף [א שותף אין א געשעפט, וועלכער נעהמט ניט קיין טהעטיגען אנטייל אין דער פיהרונג פון געשעפט].

sile'sia *n.* (סי-לי'-שיא) סילעזישע לייווענד; אזא באוועל=צייג.

si'lex *n.** (סאי'-לעקס) ז. ***silica***

silhouette' *n. and v.* (סיל-או-עט') א סילועט, א בילד וואס שטעלט פאר דעם שאטען פון דעם געגענשטאנד, וועלכען מען מאלט; דער פראפיל פון א געגענשטאנד, וואס איז בעדעקט מיט א שווארצען קאליר; מאכען א סילועט; געבען דעם סילועט אדער שאטען=בילד פון עפעס.

sil'ica *n.* (סיל'-אי-קא) קיזעל=זויערע, קרעמען=זויערע [זעהר א הארטער ווייסער אדער קאלירלאזער שטאף, וואס געפינט זיך אין פעלזען אין דער פארם פון קווארץ, אפאל א. ד. ג.].

sil'icate *n.* (סיל'-אי-קייט) סיליקאט, א זאלץ פון קיזעל=זויערע. ז. ***silica***

silic'ic *a.* (סי-ליס'-איק) וואס איז שייך צו קיזעל=זויערע. ז. ***silica***

sil'icide *n.* (סיל'-אי-סיד) א כעמישע פערבינדונג פון סיליציום מיט אן אנדער עלעמענט. ז. ***silicon***

silicif'erous *a.* (סיל-אי-סיפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קיזעל אדער קרעמען.

silicifica'tion *n.* (סי-ליס-אי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין קיזעל=זויערע.

silic'ify *v.* (סי-ליס'-אי-פאי) פערוואנדלען אין קיזעל=זויערע. ז. ***silica***

sili'cious *a.* (סי-ליש'-אס) קרעמעניסטע, קיזעלדיג.

sili'cium *n.* (סי-ליש'-אי-אם) סיליציום. ז. ***silicon***

sil'icle *n.* (סיל'-איקל) אין באטאניק — א קליינער שויט [סטרוטשקע]. ז. ***silique***

sil'icon *n.* (סיל'-אי-קאן) סיליציום [איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען, וואס האט דעם אויסזעהן פון א טונקעלגרויען פולווער].

sil'iconize *v.* (סיל'-אי-קאנ-איז) פערבינדען מיט סיליציום. ז. ***silicon***

silic'ula *n.* (סי-ליק'-יו-לא) ז. ***silicle***

sil'icule *n.* (סיל'-אי-קיול) ז. ***silicle***

silic'ulose *a.* (סי-ליק'-יו-לאוס) שויטען=פערמיג, ווי א סטרוטשקע.

silic'ulous *a.* (סי-ליק'-יו-לאס) ז. ***siliculose***

sil'iqua *n.* (סיל'-אי-קהווא) א הילז, א שויט, א סטרוטשקע; א קאראט [א געוויכט צו וועגען גאלד און עדעלשטיינער].

silique' *n.* (סי-ליק') א שויט, א סטרוטשקע, א הילז.


Silique

sil'iquiform *a.* (סיל'-אי-קהווי-פארם) וואס האט די פארם פון א שויט אדער סטרוטשקע.

sil'iquous *a.* (סיל'-אי-קהוואס) הילזיג, שויטיג; פון שויטען, פון סטרוטשקעס.

silk *n. and a.* (סילק) זייד; זייד=פאדים; זיידען, א זיידענער, געמאכט פון זייד.

silk'-cot'ton *n.* (סילק'-קאט'ן) זיידען=באוועל [אזא באוועל, וואס ווערט נעברויכט אנצושטאפּען קישענס א. ד. ג., אבער מען שפּינט ניט פון איהר קיין פאדים].

silk'-cot'ton tree (סילק'-קאט'ן טריע) א בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסט זיידען=באוועל. ז. ***silk-cotton***

sil'ken *a.* (סילקן) זיידען; זיידען=ארטיג: ווייך, צארט, זאנפט, בוינזאם; געקליידעט אין זיידענס; וואס לעבט אין לוקסוס; פערשווענדעריש.

silk'-fac'tory *n.* (סילק'-פעק'-טא-רי) א זיידען=פאבריק.

silk'-fowl *n.* (סילק'-פאול) אזא הוהן מיט זעהר ווייכע און גלאנציגע פעדערען.

silk'-gland *n.* (סילק'-גלענד) א דריזע, וועלכע טיילט אויס זייד=שטאף [ווי ביי דעם זייד=ווארים].

silk gown (סילק גאון) דער זיידענער מאנטעל פון אן ענגלישען רעגיערונגס=ראטה; אן אדוואקאט וואס איז בעשטימט פון לארד=קאנצלער אלס רעגיערונגס=ראטה.

silk'-grass *n.* (סילק'-גרעס) די פאלמען=ליליע [זעהר א שעהנע גארטען=פלאנצע פון מעקסיקא און וועסט=אינדיען. ז. איל.]; זייד=גראז [אזא אמעריקאנישעס גראז].

Silk-grass

silk'-grow'er *n.* (סילק'-גראו'-ער) א ציכטער פון זייד=ווערים, איינער וואס האדעוועט זייד=ווערים [כדי צו בעקומען זייד].

silk'-hat *n.* (סילק'-העט) א צילינדער=הוט.

silk'-hen *n.* (סילק'-הען) ז. ***silk-fowl***

sil'kiness *n.* (סיל'-קי-נעס) דאס זיין זיידען=ארטיג: דאס זיין ווי זייד; ווייכקייט; ווייבערישקייט, פערצערטעלטקייט, שוואכהערציגקייט.

silk'man *n.* (סילק'-מען) א הענדלער מיט זיידען=סחורות; איינער וואס איז בעשעפטיגט אין דער פראדוקציאן פון זיידען=סחורות; א דירעקטאר פון א זיידען=פאבריק.

silk'-mer'cer *n.* (סילק'-מויר'-סער) א הענדלער מיט זיידען=סחורות.

silk'-mill *n.* (סילק'-מיל) א זיידען=פאבריק.

silk'-reel *n.* (סילק'-ריעל) א מאשין, וועלכע נעהמט ארונטער רויהע זייד פון די קאקאנס און שפּינט זייד=פאדים.

silk'-sor'ting machine' (סילק'-סאהר'-טינג מע-שין') א מאשין צו סארטירען זיידענע פעדים לויט זייער דיקקייט און זיי אנוויקלען אויף שפּולען.

silk'-stock'ing *a. and n.* (סילק'-סטאק'-אינג) וואס טראגט זיידענע זאקען; אריסטאקראטיש, פעראיידעלט, פערצערטעלט; אן אריסטאקראט, איינער וואס לעבט אין לוקסוס.

silk'-wea'ver *n.* (סילק'-הוויע'-ווער) א זיידען=וועבער.

silk'-win'der *n.* (סילק'-הוואינ'-דער) ז. ***silk-reel***

silk'worm *n.* (סילק'-הוואירם) א זייד־וואָרים.

sil'ky *a.* and *n.* (סיל'-קי) פון זייד; זיידיג; אין באָטאַניק — בעדעקט מיט זיידען־אַרטיגע האָר; גלאַט ווי זייד; אַזאַ הוהן מיט זעהר ווייכע און גלאַנציגע פעדערען.

sill *n.* (סיל) [פון א טהיר]; א שוועל; דער אונטערשטער האָריזאָנטאַלער טייל פון ראַהם פון א פענסטער א. ד. ג.

sil'labub *n.* (סיל'-ע-באַב) *sillibub* .ז

sil'libub *n.* (סיל'-אי-באַב) א געטרענק פון מילך מיט וויין, ביער און צוקער.

sil'lily *adv.* (סיל'-אי-לי) אויף א דומען, נאַרישען אופן.

sil'liness *n.* (סיל'-אי-נעס) דומהייט, נאַרישקייט.

sil'lograph *n.* (סיל'-א-גרעף) א סילאָ־גראַף, א סאַטיריקער, א שרייבער פון סאַטירישע פאָעמען.

sillom'eter *n.* (סי-לאַמ'-ע-טער) אַן אינסטרומענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון דעם גאַנג פון א שיף.

sil'lon *n.* (סיל'-אָן) א פאָרוואַנד פון ערד אין א פעסטונג צו שיצען דעם שוואַכען טייל פון א פעסטונגס־ווערק.

sil'ly *a.* and *n.* (סיל'-אי) דום, נאַריש; א דומער יונג.

sil'ly sea'son (סיל'-אי סיזען) א צייט ווען עס איז ניטאָ קיין וויכטיגע נייעס און די צייטונגס־ארויסגעבער פילען אן זייערע צייטונגען מיט ניט וויכטיגע מאַטעריאַלען און אָפט מיט נאַרישע מעשיות און ערצעהלונגען.

si'lo *n.* and *v.* (סאַי'-לאָ) דער קאָרן־קעלער [א טיפער פערמאַכטער גרוב אָדער אַזאַ געביידע, וואו עס קומט ניט אַריין קיין לופט און וואַסער און וואו פוטער אָדער גרינסען ווערען געהאַלטען און פערבלייבען א לאַנגע צייט פריש און גרין]; האַלטען תבואה אין א קאָרן־קעלער. *ensilage* .ז



Silo

silphol'ogy *n.* (סיל-פאַל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער לאַרווע [אינזעקטען־ווערימלעך]. *larva* .ז

silt *n.* and *v.* (סילט) בלאָטע, שלאַם; בעדעקט אָדער בעדעקט ווערען מיט שלאַם.

sil'ty *a.* (סיל'-טי) פול מיט שלאַם; ענהליך צו שלאַם.

silure' *n.* (סי-ליור') *sheat-fish* .ז

silu'ridan *n.* and *a.* (סי-ליו'-רי-דען) א וועלס אָדער סאָם [אַזאַ גרויסער טייך־פיש]; וואָס האָט די פאָרם אָדער די אייגענשאַפטען פון א וועלס אָדער סאָם. *sheat-fish* .ז

sil'va *n.* (סיל'-וואַ) *sylva* .ז

sil'van *a.* and *n.* (סיל'-ווען) *sylvan* .ז

sil'ver *n.*, *a.* and *v.* (סיל'-ווער) זילבער; א זילבערנע מטבע; געלד; זילבערנע געשיר; א זילבערנע כלי; אין פאָטאָגראַפיע — א זילבער־זאַלץ וואָס מאַכט דעם נעגאַטיוו אָדער דאָס פאַפּיער עמפּפינדליך צו ליכט; עטוואָס וואָס איז ענהליך צו זילבער [אין גלאַנץ]; געמאַכט פון זילבער; זילבערנער; ענהליך צו זילבער [אין גלאַנץ, קלאַנג א. ז. וו.]; גלאַנציג, שיינענד; צאַרט, פריעדליך, רוהיג; בעזילבערען, בעדעקען מיט זילבער; בעדעקען מיט עטוואָס וואָס איז ענהליך צו זילבער; בעדעקען מיט פאָליע [א געמיש פון צין און קוועקזילבער צו בעדעקען שפּיגלען]; צוגעבען א זילבער־גלאַנץ; מאַכען גרויליך.

sil'ver-bass *n.* (סיל'-ווער-בעס) א מין אַמעריקאַנער טייך־פיש מיט זילבער־ווייסע שופּען. *mooneye* .ז

sil'ver-bath *n.* (סיל'-ווער-בעטה) אין פאָטאָגראַפיע — א לעזונג פון זילבער־אַקסיד [צו מאַכען דאָס גלאָז אָדער דאָס פאַפּיער עמפּפינדליך צו ליכט]; א כלי צו האַלטען דיעזע לעזונג.

sil'ver-beat'er *n.* (סיל'-ווער-ביעט'-ער) א זילבער־שלעגער [וואָס קלאַפּט אויס בלאַט־זילבער].

sil'verberry *n.* (סיל'-ווער-בער-אי) די זילבער־יאַגדע [אַזאַ אַמעריקאַניש בוימעל מיט שמעקעדיגע זילבער־בלעטלעך און עסבאַרע זילבער־יאַגדעס].

sil'ver-black *a.* (סיל'-ווער-בלעק) שוואַרץ בעשפּרענקעלט מיט זילבער־גרוי.

sil'ver-boom *n.* (סיל'-ווער-בוהם) *silver-tree* .ז

sil'ver-bush *n.* (סיל'-ווער-בוש) דער זילבער־בוש אָדער יופּיטער'ס באָרד [אַזאַ שפּאַנער אייראָפּאַאישער קוסט מיט זילבער־בלעטלעך].

sil'verchain *n.* (סיל'-ווער-טשיין) די פאַלשע אַקאַציע. *locust-tree* .ז

sil'verer *n.* (סיל'-ווער-ער) א בעזילבערער; א פאָליערער [איינער וואָס לעגט אַרויף פאָליע אויף שפּיגלען].

silverette' *n.* (סיל-ווע-רעט') א מין שעהנע הויז־טויב.

sil'verfin *n.* (סיל'-ווער-פין) א מין סאַרדעל. *minnow* .ז

sil'ver fir (סיל'-ווער פויר) דער זילבער־טאַנענבוים [אַזאַ טאַנענבוים מיט א ווייכען ווייסען האַלז און מיט צוויי זילבער־שטריכען אויף די בלעטער].

sil'verfish *n.* (סיל'-ווער-פיש) דער זילבער־פיש [א נאָמען פון פערשיעדענע פיש מיט זילבער־ווייסע שופּען]; א מין הויז־אינזעקט וואָס צופרעסט ביכער, טאַפּעטען [אַביטשעס, שפּאַליער] א. ז. וו.

sil'ver-foil *n.* (סיל'-ווער-פאָיל) זילבער־בלאַט [דין אויסגעקלאַפּטער זילבער].

sil'ver fox (סיל'-ווער פאָקס) דער זילבער־פוקס [אַזאַ פוקס מיט א שוואַרצער גרוי געשפּרענקעלטער פעל].

sil'ver-gilt *n.* (סיל'-ווער-גילט) בעגילטער זילבער; א נאַכגעמאַכטע בעגילדונג פון זילבער.

sil'ver-glance' *n.* (סיל'-ווער-גלענס') זילבער־גלאַנץ [נאַטירליכער זילבער־סולפיד אָדער א פערבינדונג פון שוועבעל־זויערע מיט זילבער].

sil'ver-gray' *a.* and *n.* (סיל'-ווער-גריי) זילבער־גרוי [א נעמיש פון שוואַרץ און זילבער־ווייס]; א זילבער־גרויער קאָליר.

Sil'ver-Gray *n.* (סיל'-ווער-גריי) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — איינער פון דעם קאָנסערוואַטיווען פליגעל פון דער וויהיג־פּאַרטיי [נאָך דער נידערלאַגע פון דער פּאַרטיי ביי די וואַהלען פון יאָהר 1852].

sil'ver-haired *a.* (סיל'-ווער-העהרד) זילבער־האָריג; וואָס האָט ווייסע אָדער גלאַנציג־גרויע האָר.

sil'verhead *n.* (סיל'-ווער-העד) די זילבער־שטערן־מיערע [אַזאַ פּלאַנצע]. *chickweed* .ז

sil'ver-head'ed *a.* (סיל'-ווער-העד'-עד) וואָס האָט זילבער־ווייסע אָדער זילבער־גרויע האָר אויף'ן קאָפּ; מיט א זילבערנעם קאָפּ [ווי א שטעקען].

sil'veriness *n.* (סיל'-ווער-אי-נעס) 1. דאָס זיין פון זילבער; דאָס ענטהאַלטען זילבער; 2. ענהליכקייט צו זילבער.
2. The picture is remarkable for its broad and pure silveriness.

sil'vering *n.* (סיל'-ווער-אינג) בעזילבערונג; אין פאָטאָגראַפיע — דאָס אַנזאַפּען מיט א זילבער־זאַלץ [אום צו מאַכען עמפּפינדליך צו ליכט].

sil'verite *n.* (סיל'-ווער-איט) אַן אַנהענגער פון דעם, געברויך פון זילבער אַלס געלד גלייך מיט גאָלד; אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — איינער וואָס איז נעגען דעם, אַז מען זאָל אַבשאַפען דעם געברויך פון זילבער אַלס געלד און פאָדערט ענטוועדער זילבער זאָל געברויכט ווערען גלייך מיט גאָלד אָדער אַז זילבער־געלד זאָל, אַם ווענינסטענס, געברויכט ווערען אין א בעדייטענדער צאָהל.

sil'verize *v.* (סיל'-ווער-איז) בעזילבערען; מאַכען ענהליך צו זילבער; בעדעקען מיט פאָליע. *silver* .ז

sil'ver-king *n.* (סיל'-ווער-קינג) *tarpon* .ז

sil'ver-leaf *n.* (סיל'-ווער-ליעף) זילבער־בלאַט [דין אויסגעקלאַפּטער זילבער]; דער ווייסער פּאַפּעל־בוים [טאָפּאָל].

sil'ver-leafed *a.* (סיל'-ווער-ליעפט) מיט זילבער־קאָלירטע בלעטער [ווענען פּלאַנצען].

sil'verless *a.* (סיל'-ווער-לעס) וואָס האָט ניט קיין זילבער; וואָס האָט ניט קיין געלד.

sil'verling *n.* (סיל'-ווער-לינג) א זילבערנע מטבע; א שקל אָדער האַלבער שקל [אַמאָל ביי אידען].

sil'verly *adv.* (סיל'-ווער-לי) אַזוי ווי זילבער, זילבער־ענהליך [אין קלאַנג אָדער אויסזעהן].

sil'vern *a.* (סיל'-ווערן) זילבערן, נעמאַכט פון זילבער, ענהליך צו זילבער.
Speech is silvern, silence is golden.

sil'ver-owl *n.* (סיל'-ווער-אַול) דער ווייסער נאַכט־פויגעל [איילע, סאָווע]. *barn-owl* .ז

sil'ver-pa'per *n.* (סיל'-ווער-פּיי'-פּער) ווייסעס זיידען־פּאַפּיער פון העכערען זאָרט.

sil'ver-plat'ed *a.* (סיל'-ווער-פּלייט'-עד) נעזילבערט, געדעקט מיט זילבער.

sil'ver-plat'er *n.* (סיל'-ווער-פּלייט'-ער) א בעזילבערער, איינער וואָס דעקט אָדער בעציהט מיט זילבער.

sil'ver-print *n.* (סיל'-ווער-פּרינט)

פאטאגראפישעס פאפיער פרעפארירט מיט זילבער=זאלץ.

sil'ver-shaft'ed *a.* (סיל'-ווער-שעפט-עד) וואס טראגט זילבערנע פיילען [וועגען דער אלט=רוימישער געטין דיאנא].

sil'versides *n.* (סיל'-ווער-סאידז) א זילבער=פיש, א פיש וואס האט א זילבער=ווייסען שטרייף אויף די זייטען.

sil'versmith *n.* (סיל'-ווער-סמיטה) א זילבער=שמיעד, א זילבער=ארבייטער.

sil'ver-sold'er *n.* (סיל'-ווער-סאל'-ער) א שטאף צו לייטען זילבער.

sil'verspot *n.* (סיל'-ווער-ספאט) א זומער=פויגעלע מיט זילבער=ווייסע פלעקען.

sil'ver-sprig *n.* (סיל'-ווער-ספריג) דער זילבער=קראליק [אזא קראליק מיט זילבער=גרויע האר]; די פעל פון דעם זילבער=קראליק.

Sil'ver State (סיל'-ווער סטייט) דער שטאאט נעווארא [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ווערט אזוי גערופען צוליעב די זילבער=מינען, וועלכע געפינען זיך דארטען].

sil'ver-stick *n.* (סיל'-ווער-סטיק) א בעאמטער פון ענגלישען קעניגליכען הויף.

sil'vertail *n.* (סיל'-ווער-טייל) ז. *silver-witch*

sil'ver-tongue *n.* (סיל'-ווער-טאנג) ז. *song-sparrow*

sil'ver-tongued *a.* (סיל'-ווער-טאנגד) מיט א שארפען צונג; וואס רעדט שעהן.

sil'ver-top *n.* (סיל'-ווער-טאפ) אזא קראנקהייט ביי גראזען, ווען זייערע אוייבערשטע טיילען ווערען ווייס און פערוועלקט.

sil'ver-tree *n.* (סיל'-ווער-טריע) דער זילבער=בוים [אזא בוים מיט זילבער=ווייסע בלעטער].

sil'verware *n.* (סיל'-ווער-הוועהר) זילבערנע ארטיקלען; זילבער=געשיר.

sil'ver-washed *a.* (סיל'-ווער-הוואשט) ווי בעדעקט מיט זילבער; ווי בעדעקט מיט פראסט=טהוי.

sil'ver wed'ding (סיל'-ווער הוועד'-אינג) די זילבערנע האכציית [25 יאהר נאך דער חתונה].

sil'ver-white *n.* (סיל'-ווער-הוואיט) זילבער=ווייס [א מין ווייסער בלייי].

sil'ver-witch *n.* (סיל'-ווער-הוויטש) אזא קליינער הויז=אינזעקט וואס צופרעסט ביכער, טאפעטען א. וו. ז. *silverfish*

sil'ver-work *n.* (סיל'-ווער-הוואירק) זילבער=ארבייט, זילבער=ארנאמענטען; זילבער=געשיר.

sil'very *a.* (סיל'-ווער-אי) זילבערדיג; וואס ענטהאלט זילבער, בעדעקט אדער בעשפרענקעלט מיט זילבער; פון זילבערקאליר; פון א זילבער=קלאנג, העל=קלינגענד.

Sil'very Gray (סיל'-ווער-אי גריי) ז. *Silver-Gray*

sil'viculture *n.* (סיל'-ווי-קאל-טשור) ז. *sylviculture*

si'ma *n.* (סאי'-מא) אין ארכיטעקטור — דער אויבערשטער טייל פון א קארניז. ז. *cyma*

simar' *n.* (סי-מאר') א לייכטער פרויעןמאנטעל.

Simaru'ba *n.* (סים-ע-רוה'-בא) דער סימארובא=בוים [א מין בוימער, צו וועלכע עס בעלאנגען די קוואסיא=בוימער]. ז. *Quassia*

sim'bere *n.* (סים'-ביער) ז. *simbil*

sim'bil *n.* (סים'-ביל) דער ווייס=בייכיגער אפריקאנישער שטארך. ז. *stork*

sim'blin *n.* (סים'-בלין) ז. *simlin*

sim'bling *n.* (סים'-בלינג) ז. *simlin*

Sim'ia *n.* (סים'-אי-א) דער מין אראנג=אוטאנגען [אזעלכע אפען]. ז. *orang-outang*

sim'ian *a. and n.* (סים'-אי-ען) אפיש, מאלפיש; וואס איז שייך צו די מענשעןעהנליכע אפען; אן אפע, א מאלפע; א מענשען=עהנליכע אפע.

Simi'idæ *n.* (סי-מאי'-אי-דיע) דער מין מענשען=עהנליכע גרויסע אפען [הויפטזעכליך דער מין גיבאנען. ז. *gibbon*].

sim'ilar *a. and n.* (סים'-אי-לאר) עהנליך, גלייכארטיג; אן עהנליכע זאך.

similar'ity *n.* (סים-אי-לער'-אי-טי) עהנליכקייט, גלייכארטיגקייט; אן עהנליכקייט.

sim'ilarly *adv.* (סים'-אי-לאר-לי) מיט עהנליכקייט, אויף אן עהנליכען אופן.

I am similarly situated as you.

sim'ile *n. and adv.* (סים'-אי-ליע) אין רעטאריק — א גלייכניס, א פערגלייכניס, א פערגלייך, א צונלייך; אין מוזיק — אויף דעמזעלבען אדער עהנליכען שטייגער.

sim'ile-mark *n.* (סים'-אי-ליע-מארק) א ווידערהאלונגס=צייכען אין מוזיק.

Simile-mark

simil'ia *n.* (סי-מיל'-אי-א) עהנליכע זאכען. ז. *simile*

simil'iter *adv.* (סי-מיל'-אי-טער) אויף אן עהנליכען שטייגער; אין געריכטס=פערהאנדלונגען — אנגעהמענדיג דעם קלעגער'ס שטרייט=פונקט.

simil'itude *n.* (סי-מיל'-אי-טיוד) אן עהנליכקייט; א פערגלייך, א פערגלייכונג; א נאכבילדונג; א ריכטיגע קאפיע פון א אנדערפערזאן.

similitu'dinary *a.* (סי-מיל-אי-טיו'-די-נע-רי) וואס איז שייך צו א פערגלייך אדער צום געברויך פון א פערגלייך; וואס בעצייכענט אדער מאכט א פערגלייך.

sim'ilor *n.* (סים'-אי-לאהר) סימילאר, מאנהיימער גאלד אדער פרינץ=מעטאל [א גאלד=נעלבע מישונג פון קופער און צינק].

sim'ioid *a.* (סים'-אי-איד) ז. *simious*

sim'ious *a.* (סים'-אי-אס) אפיש, מאלפיש; וואס איז שייך צו די מענשען=עהנליכע אפען.

sim'itar *n.* (סים'-אי-טאר) א קורצע, קרומע טערקישע שווערד.

sim'itared *a.* (סים'-אי-טארד) שווערדפערמיג; געבויגען ווי א טערקישע שווערד.

sim'itar-pod *n.* (סים'-אי-טאר-פאד) אזא פאסאליע פון די הייסע לענדער. ז. *sea-bean*

sim'lin *n.* (סים'-לין) א מין געבעקס [וואס קריסטען עסען געוועהנליך אום ווייהנאכט, פאסכא אדער אום פיערטען זונטאג פון פאסט=צייט]; אזא מין קליינער מעלאן=קירבעס.

sim'mer *v. and n.* (סים'-ער) אנהויבען אויפצוזידען; זשומען ווי ביים אויפזוידען; אונטערהיצען; פערקאכען; האלטען ביים אויפפלאצען [פון כעס]; דאס זשומען [ביים אויפזידען].

sim'nel *n.* (סים'-נעל) ז. *simlin*

sim'nel bread (סים'-נעל ברעד) אזא געבעקס. ז. *simlin*

Sim'nel Sun'day (סים'-נעל סאנ'-דיי) דער פיערטער זונטאג פון דער קריסטליכער פאסט=צייט.

simo'niac *n.* (סי-מאו'-ני-עק) איינער וואס קויפט אדער פערקויפט קירכען=עמטער: איינער וואס האנדעלט מיט הייליגקייטען.

simoni'acal *a.* (סים-א-נאי'-ע-קעל) שולדיג אין סימאניע [דאס קויפען אדער פערקויפען קירכליכע עמטער אדער האנדלען מיט הייליגקייטען]; וואס איז שייך צו סימאניע; וואס האנדעלט מיט הייליגקייטען.

simoni'acally *adv.* (סים-א-נאי'-ע-קעל-אי) בעגעהענדיג דעם פערברעכען פון סימאניע, אויף'ן אופן פון סימאניע [דאס האנדלען מיט הייליגקייטען, דאס קויפען אדער פערקויפען קירכליכע עמטער].

si'mon-pure' *a.* (סאי'-מאן-פיור') עכט, אמת'דיג, ריכטיג.

He is a simon-pure Indian.

sim'ony *n.* (סים'-א-ני) סימאניע, די זינד פון האנדלען מיט הייליגקייטען; די זינד פון קויפען אדער פערקויפען קירכליכע עמטער.

simoom' *n.* (סי-מוהם') דער סאמום [אזא שטיקענדער, הייסער מדבר=ווינד].

simoon' *n.* (סי-מוהן') ז. *simoom*

simos'ity *n.* (סאי-מאס'-אי-טי) פלאכנאזיגקייט; דאס האבען א פלאטשיגע אדער פעררייסענע נאז; דאס זיין קאנקאוו [אויסגעבויגענקייט נאך אינעווייניג].

si'mous *a.* (סאי'-מאס) פלאכנאזיג, וואס האט א פלאטשיגע נאז; וואס האט א פעררייסענע נאז; קאנקאוו, געבויגען נאך אינעווייניג.

sim'per *v. and n.* (סים'-פער) שמייכלען מיט א נעמאכטען אדער נארישען שמייכעל; א נעמאכטער אדער נארישער שמייכעל.

sim'perer *n.* (סים'-פער-ער) איינער וואס שמייכעלט מיט א נעמאכטען אדער נארישען שמייכעל.

sim'pering *a.* (סים'-פער-אינג) וואס שמייכעלט מיט א געמאכטען אדער נארישען שמייכעל; געמאכט, אפעקטירט, כלומר'שדיג; נאריש.

sim'peringly *adv.* (סים'-פער-אינג-לי) מיט א נעמאכטען אדער נארישען שמייכעל.

sim'ple *a., n. and v.* (סימפל) איינפאך, פשוט; ניט בעציערט, ניט געקינסטעלט; אויפריכטיג, אפענהערציג; אונענטוויקעלט; ניט איבערשפיצט, נאריש, לייכט, פערשטענדליך; ניט קאמפליצירט; נידריג, ארים; ניט נעמיש, ניט צוזאמענגעזעצט; אונוויכטיג; א סימפלום, א סימפלעקס [א ניט=נעמישטע אדער ניט=צוזאמענגעזעצטע זאך, אן עלעמענט]; א הייל=פלאנצע; א קרייטער=מעדיצין; זאמלען הייל=קרייטיכער.

sim'ple con'tract (סימפל קאנ'-טרעקט) א מינדליכער אבמאך, א ניט נעשריבענער אדער א ניט אונטערגעשריבענער אבמאך.

sim'ple frac'tion (סימפל פרעק'-שאן) א געוועהנליכע ברוך=צאהל [ווי $\frac{3}{4}$ $\frac{5}{8}$ א. ז. וו., אין נעגענזאץ צו א דאפעל=ברוךצאהל, וואס קומט פון טיילען א ברוךצאהל אויף א ברוך=צאהל, ווי $\frac{\frac{1}{3}}{\frac{1}{6}}$].

sim'ple-heart'ed *a.* (סימ'פל-הארט'-עד) אויפריכטיג, ערנסט; גוטהארציג.

sim'ple in'terest (סימפל אינ'-טער-עסט) איינפאכע פראצענטען, קאפיטאלפראצענטען [אין נעגענזאץ צו פראצענט פון פראצענט].

sim'ple lar'ceny (סימפל לאר'-סע-ני) איינפאכע גנבה [וואס איז ניט דורכגע

פיהרט אונטער אומשטענדען וואס מאכען שווערער די שולד].

sim'ple leaf (סימפל ליעף) אן איינפאך בלאט [וואס בעשטעהט פון איין טייל].

sim'ple med'icine (סימפל מעד'-אי-סין) א ניט געמישטעס אדער ניט צוזאמענגעזעצטעס הייל-מיטעל, א מעדיצין וואס בעשטעהט פון איין מין.

sim'ple-mind'ed *a.* (סימ'פל-מאינד'-עד) איינפאך, ניט איבערנעשפיצט, אהן חכמות.

sim'ple-mind'edness *n.* (סימ'פל-מאינד'-עד-נעס) איינפאכקייט, דאס זיין ניט איבערגעשפיצט.

sim'pleness *n.* (סימ'פל-נעס) ז. ***simplicity***.

sim'ple num'ber (סימפל נאמ'-בער) אן אבסטראקטע צאהל [סתם א צאהל, ניט א צאהל פון געוויסע זאכען].

sim'pler *n.* (סימ'-פלער) א קרייטערזאמלער, א זאמלער פון הייל-גראזען.

sim'ples *n.* (סימפלן) 1. הייל-קרייטיכער; קרייטער-מעדיצין; ניט צוזאמענגעזעצטע זאכען; 2. נארישקייט, נארישע אויפפיהרונג.

2. He has a fit of simples.

sim'ple Si'mon (סימפל סאי'-מאן) א פשוטער, נארישער יונג.

sim'pleton *n.* (סימ'פל-טאן) א נאר, א דומקאפ; א מין אמעריקאנישער שטראנדלויפער [אזא פויגעל. ז. ***dunlin***].

sim'ple-toothed *a.* (סימ'פל-טוהטהט) וואס האט איין פאר שנייד-צייהנער [פאדערשטע צייהנער] אויבען און איין פאר אונטען.

sim'ple-winged *a.* (סימ'פל-הווינגד) וואס האט גלייכע, ניט געצאקטע פליגלען.

simplic'ident *a.* and *n.* (סימ-פליס'-אי-דענט) וואס האט בלויז איין פאר אויבערשטע שנייד-צייהנער [פאדערשטע צייהנער]; א נריזשענד חיה'לע מיט איין פאר אויבערשטע שנייד-צייהנער.

simplic'ity *n.* (סימ-פליס'-אי-טי) איינפאכקייט, פשוט'קייט; דאס זיין ניט געמישט אדער ניט צוזאמענגעזעצט; דאס זיין ניט קאמפליצירט; לייכטקייט, פערשטענדליכקייט; ניט-נעקינסטעלטקייט; אויפריכטינקייט, אפענהערציגקייט; נארישקייט, דומהייט.

simplifica'tion *n.* (סים-פלי-פי-קיי'-שאן) פערא‌יינפאכונג.

sim'plify *v.* (סימ'-פלי-פאי) מאכען איינפאך, פעראיינפאכען.

sim'plism *n.* (סימ'-פליזם) דאס פרעדיגען איינפאכקייט און נאטירליכקייט; שטרעבונג צו איינפאכקייט און נאטירליכקייט; געמאכטע איינפאכקייט.

sim'plist *n.* (סימ'-פליסט) ז. ***simpler***.

sim'ply *adv.* (סימ'-פלי) 1. איינפאך, פשוט; 2. קלאר, ניט פערפלאנטערט, לייכט, פערשטענדליך; 3. אויף אן איינפאכען, נאטירליכען אופן; 4. מיט פשוט'קייט אדער אויפריכטינקייט; 5. אויף א נארישען, דומען אופן; 6. בלויז, נור; 7. אבזאלוט; אין פולען זין פון ווארט.

1. It simply can not be done. 2. He writes clearly and simply. 4. He dresses very simply.

simula'crum *n.* (סים-יו-ליי'-קראם) אן עהנליכקייט, א בילד, א פארשטעלונג פון עפעס; אן אונקלארע אדער ניט ריכטיגע עהנליכקייט אדער פארשטעלונג; א צייכען, וואס דייטעט אן אויף עפעס.

sim'ulant *a.* and *n.* (סימ'-יו-לענט) סימולירענד, פערשטעלט, כלומר'שט, געמאכט, היפאקריטיש, פאלש; וואס זעהט אויס ווי עפעס אנדערש, וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון עפעס אנדערש; א סימולאנט, איינער אדער עטוואס וואס איז פערשטעלט, פאלש אדער ניט עכט; א פאלשער מענש, א היפאקריט; עטוואס וואס זעהט אויס ווי אן אנדער זאך אדער פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדער זאך.

sim'ular *a.* and *n.* (סימ'-יו-לאר) סימולירט, פערשטעלט, פאלש, היפאקריטיש, כלומר'שט; א פערשטעלטער, פאלשער מענש; א היפאקריט.

sim'ulate *v.* and *a.* (סימ'-יו-לייט) 1. סימולירען, זיך פערשטעלען; נאכמאכען, נאכאהמען; 2. זיין עהנליך; 3. אומענדערען א ווארט אזוי, אז עס זאל זיין עהנליך צו אן אנדער ווארט; 4. סימולירט, פערשטעלט, היפאקריטיש, כלומר'שט, געמאכט.

1. The murderer simulated insanity. 2. Some insects simulate flowers.

simula'tion *n.* (סים-יו-ליי'-שאן) סימולירונג, פערשטעלונג; נאכאהמונג; עהנליכקייט; דאס ענדערען א ווארט אזוי, אז עס זאל זיין עהנליך צו אן אנדערען; א פיקטיווער, כלומר'שדינער אבמאך.

sim'ulator *n.* (סימ'-יו-ליי-טאר) א סימולאנט, א היפאקריט, א פאלשער, פערשטעלטער מענש.

sim'ulatory *a.* (סימ'-יו-ליי-טא-רי) סימולירט, פערשטעלט, פאלש, היפאקריטיש; וואס נארט אב [דורך פערשטעלען זיך].

sim'ulism *n.* (סימ'-יו-ליזם) אין זאאלאגיע — עהנליכקייט, דאס זיין עהנליך צו עפעס אנדערש [ווי למשל, אן אינזעקט, וואס איז עהנליך צו א בלאט].

simultane'ity *n.* (סאי-מאל-טע-ני'-אי-טי) גלייכצייטינקייט, דאס פארקומען אדער עקזיסטירען אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

simulta'neous *a.* (סאי-מאל-טיי'-ני-אס) גלייכצייטיג, וואס עקזיסטירט אדער פאסירט אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

simulta'neously *adv.* (סאי-מאל-טיי'-ני-אס-לי) גלייכצייטיג, אין איין און דערזעלבער צייט.

simulta'neousness *n.* (סאי-מאל-טיי'-ני-אס-נעס) גלייכצייטינקייט, דאס עקזיסטירען אדער פאסירען אין איין און דערזעלבער צייט.

sin *n.*, *v.*, *adv.*, *prep.* and *c.* (סין) א זינד, אן עברה; זינדיגען, בעגעהן א זינד; ברייננען צו עפעס דורך זינד; זינט, ווייל, אזוי ווי [ז. ***since***].

Sina'ic *a.* (סאי-ניי'-איק) ז. ***Sinaitic***.

Sinait'ic *a.* (סאי-נע-איט'-איק) וואס איז שייך צום בארג סני אדער צום האלבאינזעל סני [וואו דער בארג סני געפינט זיך].

sin'apism *n.* (סינ'-ע-פיזם) א זענעפטפלאסטער, א גארטשיצע-פלאסטער.

sin'apize *v.* (סינ'-ע-פאיז) בעשפרענקלען ווי מיט זענעפט [גארטשיצע].

sinap'olin *n.* (סי-נעפ'-א-לין) ז. ***sinapoline***.

sinap'oline *n.* (סי-נעפ'-א-לין) סינאפאלין [אזא כעמישער שטאף, וואס קומט פון זענעפט-אויל].

sin'-born *a.* (סינ'-באהרן) נעבארען פון זינד, וואס שטאמט פון זינד.

sin'-bred *a.* (סינ'-ברעד) נעקומען אדער ערצויגען פון זינד.

since *adv.*, *prep.* and *c.* (סינס) 1. זייט, זינט, נאכדעם; 2. פריהער, מיט א צייט צוריק; 3. ווייל, אזוי ווי.

1. Since my arrival I have met many friends. 3. Since you say so, I shall not argue with you on this point.

sincere' *a.* (סינ-סיער') אויפריכטיג; עהרליך; ריין, עכט, ניט פערדארבען.

sincere'ly *adv.* (סינ-סיער'-לי) מיט אויפריכטינקייט; מיט עהרליכקייט; אויף א ריינעם, עכטען, אונפערדארבענעם אופן.

sincere'ness *n.* (סינ-סיער'-נעס) ז. ***sincerity***.

sincer'ity *n.* (סינ-סער'-אי-טי) אויפריכטינקייט; עהרליכקייט; עכטקייט, ריינקייט, אונפערדארבענקייט.

since then (סינס טהען) זייט דעמאלט, פון יענער צייט אן.

sincip'ital *a.* (סינ-סיפ'-אי-טעל) וואס איז שייך צום אויבערשטען טייל פון קאפ [הויפטזעכליך דעם פאדערשטען טייל, אין גענענזאץ צו דער פאטילניצע].

sin'ciput *n.* (סינ'-סי-פאט) דער אויבערשטער טייל פון קאפ [הויפטזעכליך דער פאדערשטער טייל אלס גענענזאץ צו דער פאטילניצע].

sine *c.* and *n.* (סאין) זינט, נאכדעם; אין טריגאנאמעטריע — א זינוס, די בעציהונג פון צוויי זייטען [די קאטעטע און היפאטענוזע] פון א דריי-עק אין בעצוג צו דעם ווינקעל נעגענאיבער דער בעטרעפענדער קאטעטע. דיעזע בעציהונג ווערט אויסגעדריקט אין א צאהל וואס קען ניט זיין מעהר ווי 1 [צ. ב. אין דעם דריי-עק *ABC* איז די בעציהונג פון דער זייט *AC* צו דער זייט *AB*, ד. ה. *AC* געטיילט דורך *AB*, דער זינוס פון דעם ווינקעל *a*].



Sine

si'ne *prep.* (סאי'-ני) אהן.

sine'-com'plement *n.* (סאינ'-קאמ'-פלי-מענט) א קאזינוס. ז. ***cosine***.

si'necural *a.* (סאי'-ני-קיור-על) וואס איז שייך צו א סינעקורע. ז. ***sinecure***.

si'necure *n.*, *a.* and *v.* (סאי'-ני-קיור) 1. א סינעקורע [אן איינטרעגליכעס אמט אהן ארבייט, אן איינטרעגליכעס גלח'שעס אמט אהן ארבייט אדער אהן געוויסע פליכטען]; 2. איינטרעגליך אהן ארבייט; 3. געבען איינעם א סינעקורע.

1. Many politicians lost their sinecures under the new administration.

si'necurism *n.* (סאי'-ני-קיור-איזם) 1. דאס בעזיצען א סינעקורע [אן איינטרעגליכעס אמט, וואס פאדערט ניט קיין ארבייט, אן איינטרעגליכעס גלח'שעס אמט אהן ארבייט אדער אהן געוויסע גלח'ישע פליכטען]; 2. א צושטאנד, ווען סינעקורען זיינען אן אפטע ערשיינונג.

2. Some government departments suffer deeply from sinecurism.

si'necurist *n.* (סאי'-ני-קיור-איסט) א בעזיצער פון א סינעקורע, איינער וואס האלט אן איינטרעגליכעס אמט, וואס פאדערט ניט קיין ארבייט. ז. ***sinecure***.

si'ne di'e (סאי'-ני דאי'-אי) אהן א בעשטימטען טאג [ווען עטוואס, הויפטזעכליך א פערזאמלונג, ווערט אבגעלעגט אויף אן אונבעשטימטער צייט].

si'ne qua non (סאי'-ני קהוויי נאן) 1. אן אונבעדינגט נויטיגע זאך; 2. אונבעדינגט נויטווענדיג.

2. Lee's surrender was a condition sine qua non for the establishment of peace.

sin'ew *n.* and *v.* (סינ'-יו) קאסע, קאסקע [צאפ], קאסקע-געוועב, קאסקע-פעדים; א מוסקול; א נערוו; א סטרונע; ענערגיע;

קראַפּט; עטוואָס וואָס גיט קראַפּט; אַ קוואַל פון קראַפּט; אַ שטיצע; בעזאָרגען מיט קאַסקע, מיט מוסקולען אָדער מיט נערוועז; מאַכען שטאַרק; דיענען אַלס קראַפּט, שטאַרק צוזאַמענבינדען.

sin'ewiness *n.* (סינ'-יו-אי-נעס) דאָס זיין מוסקולעז; קרעפּטינקייט, שטאַרקייט; דאָס האָבען קאַסקע אָדער שטאַרקע צוזאַמענבינדונגס-פּעדים פון די מוסקולען.

sin'ewless *a.* (סינ'-יו-לעס) אָהן קאַסקע [קאַסע, צאַפּ], אָהן שטאַרקע צוזאַמענבינדונגס-פּעדים אין די מוסקולען; אָהן מוסקולען; קראַפּטלאָז, שוואַך.

sin'ewy *a.* (סינ'-יו-אי) עהנליך צו קאַסקע [קאַסע, צאַפּ]; וואָס בילדעט קאַסקע; וואָס האָט שטאַרקע קאַסקע; מוסקולעז, קרעפּטיג, שטאַרק.

sinfoni'a *n.* (סינ-פאַ-ני'-אַ) אַ סימפאָניע. ז. ***symphony***

sin'ful *a.* (סינ'-פול) זינדיג, שלעכט, פערדאָרבען.

sin'fully *adv.* (סינ'-פול-אי) אויף אַ זינדיגען אופן; דורך זינד.

sin'fulness *n.* (סינ'-פול-נעס) זינדיגקייט, שלעכטקייט, פערדאָרבענהייט.

sing. אַבקירצונג פון ***singular***

sing *v. and n.* (סינג) 1. זינגען; 2. בעזינגען, לויבען; 3. דיכטען; 4. קענען געזונגען ווערען; 5. אַ געשריי טהאָן, אַ קוויטש טהאָן; 6. בעגלייטען אָדער אויפנעהמען מיט געזאַנג; 7. אויספיהרען עפּעס דורך געזאַנג; 8. קלינגען [אין די אויערען]; 9. וואָיען, פייפען [ווי אַ ווינד]; 10. אַ געזאַנג; אַן אונטערהאַלט דורך געזאַנג.

2. His followers **sing** his praises. 4. This poem will **sing** to the tune of a hymn. 6. We **sang** the old year out and the new year in. 7. You cannot **sing** the savageness out of a tiger. 8. My ears **sing**.

sing'able *a.* (סינג'-עבל) וואָס קען געזונגען ווערען.

sing'ableness *n.* (סינג'-עבל-נעס) דאָס קענען געזונגען ווערען, דאָס זיין צוגעפּאַסט צום זינגען.

sing anoth'er song (סינג ענ-אַטה'-ער סאָהנג) אַנגעהמען אַן אַנדער טאָן, ענדערען דעם טאָן, ווערען מעהר הכנעה'דיג.

sing anoth'er tune (סינג ענ-אַטה'-ער טיון) ז. ***sing another song***

singe *v. and n.* (סינדזש) סמאַליען, אַבסמאַליען; אַבברענען, אויסטריקענען; לייכט שעדיגען, אַנטהאָן אַ לייכטע שאַדען; דאָס פערסמאַליען, דאָס אַבסמאַליען; אַ סמאַליענדע היץ; אַ לייכטע בראַנדוואונד; אַ לייכטער שאַדען, אַ לייכטע בעשעדיגונג.

singed cat (סינדזשד קעט) אַן אַבגעסמאַליעטע קאַץ; אַ גוטער מענש מיט אַ שלעכטען אויסזעהן; אַ מענש מיט אַ לייכט-געשעדיגטער רעפּוטאַציע.

singe'ing *n.* (סינדזש'-אינג) דאָס סמאַליען; דאָס סמאַליען אַן עוף; דאָס אַבסמאַליען די האָר אָדער באָרווע [וואָרסע] פון ציג [קאָטון].

singe'ing-lamp *n.* (סינדזש'-אינג-לעמפּ) אַזאַ לאַמפּ אַבצוסמאַליען די האָר פון אַ פערד [אַנשטאַט זיי אַבצושערען].

singe'ing-machine' *n.* (סינדזש'-אינג-מע-שין') אַ מאַשין אַבצוסמאַליען די האָר אָדער בארווע [וואָרסע] פון געוועבטען צייג.

singe off (סינדזש אָף) אַבסמאַליען, אַרומסמאַליען, אַבברענען.

singe ones' beard (סינדזש וואַנז ביערד) מאַכען אַ שטאַרקען איבערפאַל, דערלאַנגען אַ שטאַרקען קלאַפּ.

sing'er *n.* (סינדזש'-ער) איינער אָדער עטוואָס וואָס סמאַליעט; איינער וואָס סמאַליעט אַב די האָר אָדער די בארווע [וואָרסע] פון געוועבטע שטאָפען; אַ מאַשין אַבצוסמאַליען די בארווע פון געוועבטע שטאָפען.

sing'er *n.* (סינג'-ער) אַ זינגער אַ דיכטער; אַ דעקלאַמאַטאָר; אַ זינג-פויגעלע.

sing'ing *n. and a.* (סינג'-אינג) דאָס זינגען; אַ געזאַנג; דיכטונג; דאָס בעזינגען; דאָס קלינגען אין די אויערען; זינגענד, עהנליך צו געזאַנג.

sing'ing-bird *n.* (סינג'-אינג-בוירד) אַ זינג-פויגעל.

sing'ing-book *n.* (סינג'-אינג-בוק) אַ געזאַנג-בוך.

sing'ing-gal'lery *n.* (סינג'-אינג-געל'-ער-אי) אַ כאָר-גאַלעריע אין אַ קלויסטער.

sing'ingly *adv.* (סינג'-אינג-לי) זינגענדיג; אויף אַ זינגענדיגען שטייגער.

sing'ing-man *n.* (סינג'-אינג-מען) אַ זינגער, אַ כאָריסט.

sing'ing-mas'ter *n.* (סינג'-אינג-מעס'-טער) אַ געזאַנג-לעהרער.

sing'ing-school *n.* (סינג'-אינג-סקוהל) אַ געזאַנג-שול.

sing'ing-voice *n.* (סינג'-אינג-וואָיס) די זינג-שטימע [די שטימע וואָס ווערט געברויכט ביים זינגען].

sing'ing-wom'an *n.* (סינג'-אינג-הוואָומ'-ען) אַ זינגערין, אַ כאָריסטין.


so'la *n.* (סאו'–לא) אזא טראפישע זומפ=
פלאנצע, פון וועלכער מען פלעכט פער=
שיעדענע זאכען [ווי היט, קערבלעך א.
ז. וו.]; א זון=הוט געפלאכטען פון דיע=
זער פלאנצע; אליין [ז. *solus*].

sol'ace *n. and v.* (סאל'–אייס) 1. טרייסט;
פרייד, דערקוויקונג, פערלייכטערונג [פון
צרות]; 2. טרייסטען; 3. בערוהיגען,
שטילען, דערקוויקען, דערפרעהען, פער=
לייכטערען [צרות, ליידען]; 4. אמוזירען,
פערשאפען פערגניגען; זיך אמוזירען, הא=
בען פערגניגען.

3. His grief is **solaced** by sympathy.

sol'acement *n.* (סאל'–אייס–מענט)
טרייסטונג; דערקוויקונג, דערפרעהונג,
שטילונג, פערלייכטערונג [פון צרות אדער
ליידען].

He devoted his life to the **solacement** of the poor and unhappy.

so'lah *n.* (סאו'–לא) אזא טראפישע
פלאנצע. ז. *sola*

so'lan *n.* (סאו'–לען) די באסאנישע
גאנז, די טעלפעל=גאנז. ז. *gannet*

solana'ceous *a.* (סאל–ע–ניי'–שיאס)
וואס געהערט צו דעמזעלבען מין פלאנ=
צען, צו וועלכען עס געהערען די נאכט=
שאטענס. ז. *nightshade*

so'land *n.* (סאו'–לענד) ז. *solan*

solan'der *n.* (סא–לענ'–דער) א מין
קרעץ ביי פערד [ז. *sellanders*]; א
מין קעסטעל צו האלטען צייכנונגען און
בילדער.

so'land-goose *n.* (סאו'–לענד–גוהס)
ז. *solan*

so'lan-goose *n.* (סאו'–לענ–גוהס)
ז. *solan*

sola'nia *n.* (סא–ליי'–ני–א)
ז. *solanine*

sol'anine *n.* (סאל'–ע–נין) סאלאנין
[אזא נארקאטישער גיפטיגער שטאף].

sola'no *n.* (סא–לא'–נאו) אן אסט=ווינד
אין שפאניען.

sol'anoid *a.* (סאל'–ע–נאיד) עהנליך
אין געוועב צו א קארטאפעל [וועגען א
ראק אדער קרעבס=קראנקהייט].

Sola'num *n.* (סא–ליי'–נאם) דער מין
פלאנצען, צו וועלכע עס געהערען די
נאכט=שאטען פלאנצען. ז. *nightshade*

so'lar *a. and n.* (סאו'–לאר) וואס איז
שייך צו דער זון; אין אסטראלאגיע —
וואס איז געבארען אונטער דעם איינפלוס
פון דער זון, וואס געפינט זיך אונטער
דעם איינפלוס פון דער זון; אזא גאלע=
ריע אין א קלויסטער; א פלאטפארם אדער
ארייגגאנג אין א מעטאל=גרוב [ז.
sollar]; אזא פלאנצע, פון וועלכער מען
פלעכט היט; א הוט געפלאכטען פון דיע=
זער פלאנצע [ז. *sola*].

so'lar a'pex (סאו'–לאר איי'–פעקס)
דער פונקט אין הימלישען רוים, צו וועל=
כען די זון און די זונען=סיסטעם בעוועגט
זיך [אין דער שטערן=גרופע לירע].

so'lar asphyx'ia (סאו'–לאר עס–פיקס'–
אי–א) א זונען=שטיך.

so'lar boil'er (סאו'–לאר באיל'–ער) אן
אפאראט צו בענוצען די זונען=היץ צום
ווארימען וואסער.

so'lar calor'ic en'gine (סאו'–לאר
קע–לאר'–איק ענ'–דזשין)
ז. *solar engine*

so'lar con'stant (סאו'–לאר קאנ'–
סטענט) די מאס היץ וואס די ערד=אוי=
בערפלעכע קריעגט פון דער זון אין א
בעשטימטער צייט אויף א בעשטימטען
שטח.

so'lar cook'ing-appara'tus (סאו'–
לאר קוק'–אינג–עפ–ע–ריי'–טאס) א קאך=
אפאראט וואס ווערט געהייצט דורך די
זונען=שטראהלען.

so'lar cy'cle (סאו'–לאר סאיקל) דער
זונען=ציקלוס [אין דער יוליאנישער צייט=
רעכנונג — א פעריאדע פון 28 יאהר, נאך
וועלכער דיעזעלבע טעג פון מאנאט פא=
לען אויס אין דיעזעלבע טעג פון דער
וואך].

so'lar day (סאו'–לאר דיי) דער אסטרא=
נאמישער מעת=לעת [פון מיטאג ביז מי=
טאג].

so'lar de'ity (סאו'–לאר די'–אי–טי) א
זון=גאט, א זון=גאטהייט.

so'lar eclipse' (סאו'–לאר אי–קליפס')
זונען=פינסטערניס, לקוי=חמה.

so'lar en'gine (סאו'–לאר ענ'–דזשין)
א מאשין בעטריבען פון פארע, וועלכע
ווערט פראדוצירט פון זונען=היץ.

so'lar equa'tion (סאו'–לאר אי–קהוויי'–
שאן) דאס אויסגלייכען דאס לבנה=יאהר
מיט דעם זון=יאהר דורך דעם וואס יעדעס
פיערטע יאהר איז אן עבור=יאהר [אין
דער גרעגאריאנישער צייטרעכנונג].

so'lar eye'piece (סאו'–לאר אי'–פיעס)
א העליאסקאפ [א זון=גלאז, א זון=טעלעס=
קאפ].

so'lar fe'ver (סאו'–לאר פי'–ווער) א
מין אנשטעקענדע פיבער=קראנקהייט.
ז. *dengue*

so'lar flow'ers (סאו'–לאר פלאו'–ערז)
זון=בלומען [בלומען, וואס עפענען זיך און
שליסען זיך טעגליך אין געוויסע שטונ=
דען].

so'lar gan'glion (סאו'–לאר גענ'–גלי–
אן) ז. *solar plexus*

so'lar hour (סאו'–לאר אור) א שטונ=
דע, א 24=סטעל פון א מעת=לעת.

solar'iplex *n.* (סא–לער'–אי–פלעקס)
ז. *solar plexus*

so'larism *n.* (סאו'–לאר–איזם) אן איי=
בערטריבענע נייגונג צו ערקלערען די מי=

טאלאגישע לעגענדען אלס פערקערפערונג פון די פרימיטיווע פארשטעלונגען וועגען דער נאטור בכלל און וועגען דער זון בפרט.

so'larist *n.* (סאו'-לאר-איסט) איינער וואס איז צו שטארק גענייגט צו ערקלערען די מיטאלאגישע לעגענדען אלס פערקערפערונג פון די פרימיטיווע פארשטעלונגען וועגען דער נאטור בכלל און וועגען דער זון בפרט.

sola'rium *n.* (סא-ליי'-רי-אם) א זונען-זייגער; אן ארט, א געביידע אדער א צימער, וואו עס קומען פריי אריין די זונען-שטראהלען.

Sola'rium *n.* (סא-ליי'-רי-אם) דער מין שטיגען-מושלען [א מין קאנישע מושלען, וואס דערמאהנען מיט זייער אויסזעהן אן ספיראלע שטיגען].

solariza'tion *n.* (סאו-לאר-אי-זיי'-שאן) דאס זיין אונטער דער ווירקונג פון די זונען-שטראהלען; אין פאטאגראפיע — דאס ווערען צו דונקעל דורך ליעגען צו לאנג פאר דעם ליכט; דאס ווערען צוגעברענט פון א צו שטארקער ווירקונג פון די זונען-שטראהלען; בעשעדיגונג פון צו שטארקער ווירקונג פון די זונען-שטראהלען.

so'larize *v.* (סאו'-לאר-איז) אונטערווארפען אונטער דער ווירקונג פון די זונען-שטראהלען; אין פאטאגראפיע — צו דונקעל מאכען דורך האלטען צו לאנג פאר דעם ליכט; צו דונקעל ווערען דורך ליעגען צו לאנג פאר דעם ליכט.

so'lar lamp (סאו'-לאר לעמפ) אן ארגאנדם לאמפ. ז. ***Argand burner***

so'lar mi'croscope (סאו'-לאר מאי'-קרא-סקאופ) א מיקראסקאפ אין וועלכען די בעלייכטונג קומט פון דער זון.

so'lar month (סאו'-לאר מאנטה) דער זון-מאנאט [30 טעג, 10 שטונדען און 29 מינוטען].

so'lar myth (סאו'-לאר מיטה) א זונען-מיטה [א העלדען-לעגענדע אדער געטער-לעגענדע וואס איז אן אלעגאריע וועגען דער זון].

so'lar obser'vatory (סאו'-לאר אב-זויר'-ווע-טא-רי) אן אבזערוואטאריום צו בעאבאכטען און שטודירען די זון.

so'lar plex'us (סאו'-לאר פלעקס'-אס) די גרעסטע פון די דריי נערווען-נעצען, וואס געפינט זיך אין דעם אויבערשטען טייל פון בויך.

solar print (סאו'-לאר פרינט) פאטאגראפירונג פון א נעגאטיוו [מעהרסטענטייל אום צו מאכען א פערגרעסערונג].

so'lar-radia'tion reg'ister (סאו'-לאר-ריי-די-איי'-שאן רעדזש'-איס-טער) אן אפאראט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די צייט וואס די זון שיינט.

so'lar salt (סאו'-לאר סאהלט) ים-זאלץ.

so'lar spec'trum (סאו'-לאר ספעק'-טראם) דער זונען-ספעקטרום, די רעגענבויגען-פארבען וואס בילדען זיך אויס, ווען א זונען-שטראהל געהט דורך דורך א פריזמא [יעדער ווייסער זונען-שטראהל איז א קאמבינאציאן אדער פעראייניגונג פון זיבען איינפאכע שטראהלען: א רויטער, אן אראנזשעווער, א געלבער, א גריינער, א הימעל-פארביגער, א בלויער און א וויאלעט-פארביגער. ווען אזא קאמבינירטער ווייסער שטראהל געהט דורך דורך א פריזמא, דאן צוטיילט ער זיך אויף זיינע זיבען בעזונדערע בעשטאנד-טיילען און אויף דער געגען-זייט פון דער פריזמא שיינען אב אלע זיבען קאלירען ווי פון א רעגענבויגען].

so'lar spots (סאו'-לאר ספאטס) די זונען-פלעקען.

so'lar sys'tem (סאו'-לאר סיס'-טעם) די זונען-סיסטעם [די זון צוזאמען מיט אלע הימלישע קערפער, וואס דרעהען זיך דירעקט אדער אינדירעקט ארום איהר אדער זיינען פון איהר אבהענגיג].

so'lar tel'egraph (סאו'-לאר טעל'-אי-גרעף) א זונען-טעלעגראף [ביי וועלכען מען גיט איבער סיגנאלען און ציייכענס דורך די זונען-שטראהלען, וועלכע ווערען רעפלעקטירט פון שפיגלען].

so'lar the'ory (סאו'-לאר טהי'-א-רי) ז. ***solarism***

so'lar time (סאו'-לאר טאים) די צייט-מעסטונג נאך דער זון.

so'lar walk (סאו'-לאר הוואהק) דער זאדיאק. ז. ***zodiac***

so'lary *a.* (סאו'-לע-רי) וואס איז שייך צום באדען.

so'lar year (סאו'-לאר ייר) דאס זונען-יאהר [די צייט וואס געדויערט דער ערד זיך ארומצודרעהן ארום דער זון, 365 טעג, 5 שטונדען, 48 מינוטען און 45½ סעקונדען].

sold (סאולד) פערקויפט. ז. ***sell***

sol'danel *n.* (סאל'-דע-נעל) דער רונדבלעטערניק אדער די מעער-שטראנדס-ווינדע [א פלאנצע פון דעם מין, צו וועלכען עס בעלאנגט די שליסעל-בלום]. ז. ***primrose***

sol'danelle *n.* (סאל'-דע-נעל) ז. ***soldanel***

soldatesque' *a.* (סאל-דע-טעסק') סאלדאטיש.

sold'er *n.* and *v.* (סאד'-ער) 1. לייט-מעטאל [מעטאל וואס ווערט בענוצט צום צונויפלייטען אנדערע מעטאלען]; 2. עטוואס וואס פערבינדט, פעראייניגט, האלט צוזאמען אדער דיענט אלס צעמענט; 3. לייטען, צוזאמענלייטען; פעראייניגען, צוזאמענבינדען.

2. Friendship sweetens life and is a solder of society.

sold'erer *n.* (סאד'-ער-ער) א לייטער, איינער וואס לייט צוזאמען מעטאלען; א לייט-מאשין.

sold'ering *n.* (סאד'-ער-אינג) לייטונג, צוזאמענלייטונג, פערלייטונג [פון מעטאלען]; א צוזאמענגעלייטעטער פלאץ אדער טייל פון עפעס.

sold'ering-block *n.* (סאד'-ער-אינג-בלאק) א לייט-קלעצעל, אזא אינסטרומענט צו לייטען קאנען.

sold'ering-bolt *n.* (סאד'-ער-אינג-באולט) ז. ***soldering-iron***

sold'ering-frame *n.* (סאד'-ער-אינג-פריים) א לייט-קלאמער [פעסטצוהאלטען די בעזונדערע טיילען ביים צוזאמענלייטען].

sold'ering-fur'nace *n.* (סאד'-ער-אינג-פויר'-נעס) א לייט-אויוועלע [א האנד-אויוועלע צום צוזאמענלייטען מעטאלען].

sold'ering-i'ron *n.* (סאד'-ער-אינג-אי'-ערן) א לייט-אייזען [אן אייזערנעם הענטעל מיט א קופערנעם קעפעל וואס ווערט בענוצט צום לייטען מעטאלענע כלים].

sold'ering-machine' *n.* (סאד'-ער-אינג-מע-שין') א לייט-אינסטרומענט [צום לייטען מעטאלענע כלים].

sold'ering-pot *n.* (סאד'-ער-אינג-פאט) א לייט-טאפ [אזא קליין האנד-אויוועלע געברויכט ביים צוזאמענלייטען, הויפטזעכליך טעלעגראף-דראטען].

sold'er-machine' *n.* (סאד'-ער-מע-שין') א מאשין צום שניידען לייט-מעטאל אין שטיקלעך.

sol'di *n.* (סאל'-די) סאלדאס [אזעלכע איטאליענישע מטבעות]. ז. ***soldo***

sol'dier *n.* and *v.* (סאול'-דזשער) א סאלדאט; א קריעגס-מאן; א קריעגס-מוראשקע [איינע פון די מוראשקעס, וועלכע פיהרען קריעג מיט אנדערע מחנות]; דער קריעגס-קעפער, דער קריעגס-זשוק [א מין זשוק, וועמענס לארווא אדער ווערימלעך שפייזען זיך מיט דער לארווא פון אנדערע אינזעקטען]; דער בערגהארדס-קרעבס [א מין קרעבס אדער ראק, וואס האלט זיך אין א מושעל]; איינער וואס מאכט בלויז דעם אנשטעל, אז ער ארבייט; איינער וואס האט פיינט זיך איבערצואורבייטען; זיך ארויסדרעהן פון ארבייט; זיין א סאלדאט, דיענען אין מיליטער; פוילענצען; זיך ארויסדרעהען פון ארבייט; מאכען בלויז דעם אנשטעל, אז מען ארבייט.

sol'dier-ant *n.* (סאול'-דזשער-ענט) א קריעגס-מוראשקע [איינע פון די מוראשקעס, וועלכע פיהרען קריעג מיט אנדערע מחנות].

sol'dier-bee'tle *n.* (סאול'-דזשער-ביע'טל) דער קריעגס-זשוק, דער קריעגס-קעפער [אזא זשוק וועמעס לארווא אדער ווערימלעך שפייזען זיך מיט דער לארווא פון אנדערע אינזעקטען].

sol'dier-bug *n.* (סאול'-דזשער-באג) א מין וואנץ וואס נעהרט זיך מיט דער לארווא [ווערימלעך] פון אנדערע אינזעקטען.

sol'dier-bush *n.* (סאול'-דזשער-בוש) ז. ***soldierwood***

sol'dier-crab *n.* (סאול'-דזשער-קרעב) דער בערגהארדס-קרעבס, אזא קרעבס אדער ראק וואס האלט זיך אין א מושעל.

sol'dier-fish *n.* (סאול'-דזשער-פיש) דער בלויער פייל-פיש אדער דער רעגענבויגען-פייל-פיש [אזא פערשיעדענפארביגער פיש אין די טייכען פון דער מיסיסיפי-טהאל, אין אמעריקא].

sol'dier-fly *n.* (סאול'-דזשער-פלאי) די קריעגס-פליעג [אזא קאלירטע פליעג].

sol'diering *n.* (סאול'-דזשער-אינג) סאלדאטשינע, מיליטער-דיענסט, דאס זיין א סאלדאט; דאס ארויסדרעהען זיך פון ארבייט, כלומר'שט ארבייטען.

sol'dier-like *a.* (סאול'-דזשער-לאיק) ז. ***soldierly***

sol'dierly *a.* (סאול'-דזשער-לי) סאלדאטיש; מיליטעריש, ווי א קריעגסמאן; מוטיג, בראוו.

sol'dier of for'tune (סאול'-דזשער אוו פאהר'-טשון) איינער וואס איז גרייט זיך צו פערדינגען אלס סאלדאט צו יעדען איינעם [צוליעב פראפיטען, כבוד אדער אויס ליעבע צו געוואגטע אונטערנעהמונגען].

sol'diers and sail'ors (סאול'-דזשערז ענד סייל'-ארז) קריעגס-קעפערס. ז. ***soldier-beetle***

sol'dier's-herb *n.* (סאול'-דזשערז-אוירב) מאטיקא [אזא פלאנצע]. ז. ***matico***

sol'diership *n.* (סאול'-דזשער-שיפ) סאלדאטשינע, סאלדאטענטום, סאלדאטענשאפט; קריעגס-קונסט.

sol'dier's wind (סאול'-דזשערז הווינד)

א גינסטיגער ווינד צום אבריייזען און צום צוריקרייזען.

sol'dierwood *n.* (סאָל'-דזשער-הוואוד) אזא וועסט=אינדישער קוסט.

sol'diery *n.* (סאָל'-דזשער-אי) קריעגס=לייט, סאָלדאַטען, מיליטער.

sol'do *n.* (סאָל'-דאָו) א סאָלדאָ [א קליינע איטאַליענישע מטבע, א צוואַנציג=סטעל פון א לירא].

sole *n., a. and v.* (סאָול) א פוס=זויל; א פוס; א פאדעשוועצ; דער אונטערשטער טייל פון עפּעס, דער דעק, דער טייל, אויף וועלכען עפּעס שטעהט; א פלאַכע אוי=בערפלעכע [עהנליך צום פוס=זויל]; די שאלע אדער ים=צונג [א מין פלאַכער פיש, א מין בוט אדער פלאָנדער. ז. איל.]; אזא זילבערנע מטבע אין פּערו [ז. *sol*]; איינציג, איין=איינציג; אליין; אונפער=הייראט [א יורידישער אויסדרוק]; ארויפלעגען פּאדעשוועס [אויף שיך].



Sole

sol'ecise *v.* (סאָל'-אי-סאַיז) ז. ***solecize***.

sol'ecism *n.* (סאָל'-אי-סיזם) 1. א סאָ=לעציזם, א שפּראַך=פעהלער, א ניט=גראַמאַ=טיקאַלישער אויסדרוק; 2. אן אונפּאַסינ=קייט אין אויפפיהרונג, אן איבערטרעטונג פון די אנגענומענע מנהגים [אין אויפ=פיהרונג]; 3. א משונה'דיגע זאַך, א משונה'דיג בעשעפעניש; אן אוננאַטירלי=כע זאַך אדער בעשעפעניש.

1. The expression "I done it" is a **solecism.** 2. Self-commendation is considered a **solecism** in good manners. 3. The wolf in the rôle of a benefactor of the sheep, — what a **solecism!**

sol'ecist *n.* (סאָל'-אי-סיסט) איינער וואס בעגעהט א פעהלער אין דער שפּראַך אדער אין אויפפיהרונג; א שפּראַך=פער=דארבער; איינער וואס געברויכט א סאָ=לעציזם [א פעהלערהאַפטען, ניט=גראַמאַ=טיקאַלישען אויסדרוק].

solecis'tic *a.* (סאָל-אי-סיס'-טיק) ניט ריכטיג, פעהלערהאַפט [אין שפּראַך]; אונפּאַסיג. ז. ***solecism***.

solecis'tical *a.* (סאָל-אי-סיס'-טי-קעל) ז. ***solecistic***.

solecis'tically *adv.* (סאָל-אי-סיס'-טי-קעל-אי) ווי א סאָלעציזם, אויף'ן אופן פון א סאָלעציזם, ניט=גראַמאַטיקאַליש; אונפּאַסיג [אין אויפפיהרונג]; אויף א משונה'דיגע, אוננאַטירליכען אופן. ז. ***solecism***.

sol'ecize *v.* (סאָל'-אי-סאַיז) מאַכען שפּראַך=פעהלערען.

sole'-fish *n.* (סאָול'-פיש) א שאלע אדער ים=צונג [אזא פיש]. ז. ***sole***.

so'leiform *a.* (סאָו'-לי-אי-פאָרם) עהנליך אין פאָרם צו א שטעק=שוך אדער טופליע.

sole'-leath'er *n.* (סאָול'-לעטה'-ער) זויל, פּאדעשוועץ=לעדער.

sole'ly *adv.* (סאָול'-לי) איינציג, אליין, בלויז, נאָר.

sol'emn *a.* (סאָל'-עם) 1. פייערליך, פעסטליך; פערבונדען מיט רעליגיעזע צע=רעמאָניעס; הייליג; 2. איינדרוקספול, וואס מאַכט א שטאַרקען איינדרוק, וואס רופט ארויס עהרפורכט; ערנסט, פּרעכ=טיג; 3. ערנסט; שטייף; מיט געמאַכטער ערנסטקייט, שטייפקייט אדער וואזשנע=קייט; 4. פאָרמעל, מיט אלע נויטיגע פאָרמאַליטעטען; 5. טונקעל, שוואַרץ [וועגען קאָלירען].

1. He took a **solemn** oath. 2. A **solemn** silence reigned in the hall. 3. Do not put on such a **solemn** face.

sol'emness *n.* (סאָל'-עם-נעס) ז. ***solemnity***.

solemnisa'tion *n.* (סאָל-עם-ני-זיי'-שאַן) ז. ***solemnization***.

sol'emnise *v.* (סאָל'-עם-נאַיז) ז. ***solemnize***.

sol'emniser *n.* (סאָל'-עם-נאַי-זער) ז. ***solemnizer***.

solem'nity *n.* (סאָ-לעם'-ני-טי) פייער=ליכקייט; א פייערליכע צערעמאָניע; פעסטליכקייט; ערנסטהאַפטיגקייט; איינ=דרוקספולקייט, הערליכקייט; געמאַכטע ערנסטקייט, שטייפקייט אדער וואזשנע=קייט; אין יוריספּרודענץ — פאָרמאַלי=טעט, די נויטיגע פאָרמאַליטעט וואס פאַ=דערט זיך פון געזעץ.

solemniza'tion *n.* (סאָל-עם-ני-זיי'-שאַן) פייערונג, דאס פייערען; דאס דורכ=פיהרען מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס אדער מיט אלע נויטיגע פאָרמאַליטעטען [הויפּטזעכליך וועגען הייראַט]; דאס מאַ=כען פייערליך אדער ערנסט געשטימט.

sol'emnize *v.* (סאָל'-עם-נאַיז) 1. פייע=רען; 2. דורכפיהרען מיט רעליגיעזע צע=רעמאָניעס אדער מיט אלע נויטיגע פאָר=מאַליטעטען; 3. מאַכען פייערליך אדער ערנסט געשטימט.

1. The grateful people **solemnized** the birth of the national hero. 2. The marriage was **solemnized** by the priest.

sol'emnizer *n.* (סאָל'-עם-נאַי-זער) איינער וואס פיהרט דורך א פייערליכע צערעמאָניע; איינער וואס פייערט; איי=נער וואס מאַכט פייערליך אדער ערנסט געשטימט.

sol'emnly *adv.* (סאָל'-עם-לי) מיט פייערליכקייט; מיט איינדרוקספולער ערנסטקייט; מיט רעליגיעזע צערעמאָ=ניעס; מיט אלע נויטיגע צערעמאָניעס אדער פאָרמאַליטעטען; מיט געמאַכטער ערנסטקייט אדער וואזשנקייט.

sol'emnness *n.* (סאָל'-עם-נעס) ז. ***solemnity***.

so'len *n.* (סאָו'-לען) א האַלב=קיילעכדיג שיידעל פון האַלץ וואס לאָזט ניט צו דאס בעט=געוואַנד צו קומען אין בעריהרונג מיט וואונדע אויף'ן לייב; דער ראַזיר=מעסער מושעל אדער שיידען=מושעל.

sole'ness *n.* (סאָול'-נעס) איינציגקייט, דאס זיין אליין, אבגעזונדערטקייט.

solenette' *n.* (סאָל-ע-נעט') די קאַר=ליק=שאלע [אזא פלאַכער פיש]. ז. ***sole***.

sole'noid *n.* (סאָ-לי'-נאָיד) א דראָט=ספּיראַל, א דראָט=שפּולע.

solenoi'dal *a.* (סאָל-אי-נאָי'-דעל) וואס איז שייך צו א דראָט=שפּולע אדער דראָט=ספּיראַל.

sol'-fa *n., a. and v.* (סאָול'-פאַ) דאס סאָל=פאַ, דער טאָן=לייטער, די נעמען פון די נאָטען [דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי]; דאס טאָקט=שטעקעל [פון א קאָר=דיריזשאָר]; סאָלפעגירונג אדער סאָלמיזי=רונג [דאס זינגען ניט מיט ווערטער, נאָר אנרופענדיג די נעמען פון די טענער]; וואס איז שייך צו סאָלפעגירונג אדער סאָל=מיזירונג; סאָלפעגירען, סאָלמיזירען.

sol'-faing *n.* (סאָל-פאַ-אינג) סאָלפּע=גירונג, סאָלמיזירונג. ז. ***solfamization***.

sol'-faist *n.* (סאָל'-פאַ-איסט) איינער וואס בענוצט זיך מיט דער מעטאָדע פון סאָלפעגירען אדער סאָלמיזירען; איינער וואס איז אן אנהענגער פון דער מעטאָדע פון סאָלפעגירען אדער סאָלמיזירען [זינ=גען אנרופענדיג די נעמען פון די נאָ=טען].

solfamiza'tion *n.* (סאָול-פאַ-מי-זיי'-שאַן) סאָלפעגירונג, סאָלמיזירונג [דאס זינגען אהן ווערטער, נאָר אנרופענדיג די נעמען פון די נאָטען: דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי].

solfana'ria *n.* (סאָל-פע-נאַ'-רי-א) א שוועבעל=גרוב, א שוועבעל=מינע.

solfata'ra *n.* (סאָל-פאַ-טאַ'-רא) די סאָלפאַטאַרא [א גאַזען=אויסשטרעמונ=דער וואולקאַנישער בעדען; א נעגענד פון וואולקאַנען וועלכע זיינען צייטווייליג אונ=טהעטיג אדער האַלטען ביים אויסגעלאָ=שען ווערען].

solfata'ric *a.* (סאָל-פאַ-טאַ'-ריק) וואס איז שייך צו א סאָלפאַטאַרא, עהנליך צו סאָלפאַטאַרא, וואס קומט פון א סאָלפאַ=טאַרא. ז. ***solfatara***.

solfeg'gio *n.* (סאָל-פעדזש'-יאָו) סאָל=פעגירונג אדער סאָלמיזירונג [דאס זינ=גען אנרופענדיג די נעמען פון די נאָ=טען]; איבונגען אין זינגען.

so'li *n.* (סאָו'-לי) ז. ***solos***.

solic'it *v.* (סאָ-ליס'-איט) 1. רייצען, צוציהען, אנרעגען; 2. אנריידען צו בע=געהן א פערברעכען; פארשלאָגען א מאַן אריינצוקומען אין אן אונאַנשטענדיג הויז [וועגען גאַסען=פרוי]; 3. בעאיינפלו=סען, אונטערקויפען, געבען כאַבאַר; 4. שטרעבען צו עפּעס, שטרעבען עפּעס צו דערגרייכען; 5. בעטען; 6. בעאונ=רוהיגען.

1. The ripe fruits **solicited** the longing eyes of the hungry traveler. 2. The woman was arrested for **soliciting** on the street. 4. This store **solicits** the patronage of the rich.

solic'itant *a. and n.* (סאָ-ליס'-אי-טענט) בעטענד, זוכענד, שטרעבענד צו דערגרייכען עפּעס [הויפּטזעכליך דורך געבעט]; איינער וואס בעט אדער שטרעבט עפּעס צו דערגרייכען.

solicita'tion *n.* (סאָ-ליס-אי-טיי'-שאַן) רייצונג, אנרעגונג, צוציהונג; דאס אנ=רעגען אדער אנריידען צו א פערברעכען; דאס פערפיהרען א מאַן אין אן אונאַנ=שטענדיג הויז [דורך א גאַסען=פרוי]; דאס אונטערקויפען; דאס בעטען; א דרינגענדע בקשה; דאס שטרעבען צו עפּעס, דאס פערלאַנגען אדער זוכען עפּעס צו דערגרייכען [הויפּטזעכליך דורך גע=בעט].

solic'iter *n.* (סאָ-ליס'-אי-טער) ז. ***solicitor***.

solic'itor *n.* (סאָ-ליס'-אי-טאָר) אן אדוואָקאַט [הויפּטזעכליך פון א נערער=טינקייטס=געריכט אדער בכלל א נידריגען געריכט]; איינער וואס בעט דרינגליך.

solic'itor-gen'eral *n.* (סאָ-ליס'-אי-טאָר-דזשענ'-ע-רעל) א געהילף פון גע=נעראַל=פּראָקוראָר; א גענעראַל=פּראָקוראָר אין איינע פון די פעראייניגטע שטאַ=טען פון אמעריקא.

Solic'itor of the Treas'ury (סאָ-ליס'-אי-טאָר אוו טהי טרעזש'-אור-אי) אן אדוואָקאַט פון דעם פינאַנץ=דעפּאַרטאַ=מענט אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקא, וועלכער פיהרט די פּראָצעסען וואס האָבען צו טהאָן מיט פערברעכענס נעגען די טאַריף=געזעצע.

solic'itous *a.* (סאָ-ליס'-אי-טאָס)

1. ענגסטליך, בעזארגט, בעקימערט, זשעדנע, שטארק שטרעבענד, שטארק פערלאנגענד; שטארק פעראינטערעסירט; 2. אונרוהיג.

1. I am very solicitous of the good will of my friends. 2. The mother is solicitous about her sick child.

solic'itously *adv.* (סא-ליס'-אי-טאס-לי) מיט בעזארגטקייט, זיך קימערענדיג. [ווענען עפעס], שטארק פעראינטערעסירט, שטארק פערלאנגענדיג; אויף אן אונרוהיגען שטייגער.

solic'itousness *n.* (סא-ליס'-אי-טאס-נעס) ז. ***solicitude***.

solic'itress *n.* (סא-ליס'-אי-טרעס) א בעטערין; א פרוי אן אדוואקאט. ז. ***solicitor***.

solic'itrix *n.* (סא-ליס'-אי-טריקס) ז. ***solicitress***.

solic'itude *n.* (סא-ליס'-אי-טיוד) בעקימערטקייט, בעזארגטקייט [אום עפעס]; אונרוהיגקייט; עטוואס וואס רופט ארויס בעזארגטקייט, זארג אדער אונרוהיגקייט.

sol'id *a. and n.* (סאל'-איד) סאליד; מאסיוו, קאמפאקט; פעסט, שטארק; הארט; געזעצט; געזונד; דויערהאפט; גרינדליך, ווירקליך; גוט, רעאל, זיכער; ערנסט; אין מאטעמאטיק — סאליד [ווענען א קערפער וואס האט אלע דריי מעסטונגען אדער דימענזיאנען: לענג, ברייט און הויך]; אייניג, איינשטימיג [אין פאליטיק]; פעסט פינאנציעל, רייך; אונפערענדערט, איינהייטליך, וואס איז איבעראל דאזעלבע [ווענען א פארב]; א סאלידער קערפער; אין געאמעטריע — א קערפער, וואס האט אלע דריי דימענזיאנען.

sol'id an'gle (סאל'-איד ענגל) אין געאמעטריע — א ווינקעל וואס בילדעט זיך אויס דערפון וואס עטליכע פלעכען שניידען איבער איינע די אנדערע.

solidar'ity *n.* (סאל-אי-דער'-אי-טי) סאלידאריטעט, געמיינזאמע פערפליכטונג, געגענזייטיגע טרייהייט; צוזאמענגענומענקייט, פעראייניגטקייט, אחדות.

sol'idary *a.* (סאל'-אי-דע-רי) סאלידאריש, מיט געמיינשאפטליכע אינטערעסען אדער פערפליכטונגען.

sol'idate *v.* (סאל'-אי-דייט) מאכען סאליד, פעסט, שטייף.

sol'id bath (סאל'-איד בעטה) א וואנע, וואו דער קערפער ווערט אריינגעזעצט אין א געדיכטער מאסע, ווי בלאטע, זאמד, אש, היי א. ז. וו.

sol'id col'or (סאל'-איד קאל'-אר) א גלאטער אונאונטערבראכענער און אונגעמישטער קאליר [ספעציעל ווענען פארצעלייענע כלים].

sol'id con'tent (סאל'-איד קאנ'-טענט) די צאהל פון קובישע איינהייטען [מעטערן, יארדען א. ד. ג.], וועלכע עס ענטהאלט אין זיך א סאלידער קערפער.

sol'id for (סאל'-איד פאר) וואס האלט שטאהל און אייזען פאר עפעס אדער מיט אימיצען.

The entire congregation is solid for the Rabbi.

sol'id geom'etry (סאל'-איד דזשי-אמ'-ע-טרי) די סטערעאמעטריע, די געאמעטריע, וועלכע פערנעהמט זיך מיט דער מעסטונג פון סאלידע קערפער.

solidifica'tion *n.* (סא-ליד-אי-פי-קיי'-שאן) די פעסט-מאכונג, די געדיכט-מאכונג; די פעסט-ווערונג, די געדיכט-ווערונג; אין פיזיק — דער איבערגאנג פון פליסיגען צושטאנד צו א הארטען אדער סאלידען.

solid'ify *v.* (סא-ליד'-אי-פאי) מאכען סאליד; ווערען פעסט.

sol'idism *n.* (סאל'-אי-דיזם) די סאלידאר-פאטאלאגיע [א מעדיציניש לעהרע וואס האלט, אז די פערענדערונגען אין דעם צושטאנד פון די פעסטע טיילען פון קערפער זיינען די אורזאכען פון אלע קראנקהייטען].

sol'idist *n.* (סאל'-אי-דיסט) אן אנהענגער פון סאלידאר-פאטאלאגיע. ז. ***solidism***.

solid'ity *n.* (סא-ליד'-אי-טי) די פעסטקייט, די געדיכטקייט; די גרינדליכקייט; די ערנסטהאפטיגקייט; שטארקקייט, קרעפטיגקייט; ווארהייט; ריכטיגקייט; די אונדורכדרינגליכקייט [דאס ניט קענען ווערען דורכגעדרונגען].

sol'idly *adv.* (סאל'-איד-לי) אויף א סאלידען, פעסטען אופן.

sol'id mat'ter (סאל'-איד מעט'-ער) אין דרוקעריי — א געדיכטער דרוק-זאץ, א דרוק-זאץ, וואס איז אנגעזעצט אהן שפאצען אדער ליניעס צווישען די שורות.

sol'id meas'ure (סאל'-איד מעזש'-אור) די קוביק-מעסטונג, דאס מעסטען א זאך אין דער לענג, ברייט און הויך.

sol'idness *n.* (סאל'-איד-נעס) ז. ***solidity***.

sol'id num'ber (סאל'-איד נאמ'-בער) א צאהל וואס איז א פראדוקט פון כפל'ען דריי צאהלען.

sol'id prob'lem (סאל'-איד פראב'-לעם) א פראבלעם מיט א קובישער גלייכונג; א שווערע אדער אונלעזבארע פראבלעם.

sol'ids *n.* (סאל'-אידז) אין אנאטאמיע — די פעסטע [ניט פליסיגע] קערפער-טיילען.

Sol'id South (סאל'-איד סאוטה) די פאליטיש-פעראייניגטע זידליכע שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכע האלטען כמעט איינשטימיג מיט דער דעמאקראטישער פארטיי זינט דעם בירגער-קריעג.

sol'id square (סאל'-איד סקוועהר) אין מיליטער — א מחנה סאלדאטען גרופירט אין א קוואדראט.

Solidun'gula *n.* (סאל-אי-דאנ'-גיו-לא) די זויג-טהיערע, וואס האבען גאנצע, ניט קיין געשפאלטענע קלויען אדער קאפיטעס [ווי פערד, עזלען, זעבראס].

solidun'gular *a.* (סאל-אי-דאנ'-גיו-לאר) ז. ***solidungulate***.

solidun'gulate *a. and n.* (סאל-אי-דאנ'-גיו-לייט) מיט גאנצע, ניט קיין געשפאלטענע קלויען אדער קאפיטעס [ווי א פערד, אן עזעל א. ז. וו.]; א בהמה אדער חיה מיט גאנצע, ניט געשפאלטענע קלויען אדער קאפיטעס.

solidun'gulous *a.* (סאל-אי-דאנ'-גיו-לאס) ז. ***solidungulate***.

sol'id with (סאל'-איד וויטה) 1. אין גוט-ברודערשאפטליכע בעציהונגען מיט אימיצען, האבענדיג אימיצען אויף זיין זייט, האבענדיג די שטיצע פון אימיצען; 2. קוויט, זיך אבגערעכענט, זיך נוקם געווען.

1. The crooks made themselves solid with the police.

solifid'ian *a. and n.* (סאל-אי-פיד'-אי-ען) איינער וואס האלט, אז אמונה אליין אהן מעשים טובים איז שוין גענוג צו רעכטפערטיגען דעם מענ'שען און מכפר זיין אויף זיינע זינד; וואס איז שייך צו אזא ארט גלויבען.

solifid'ianism *n.* (סאל-אי-פיד'-אי-ענ-איזם) די לעהרע וואס בעהויפטעט, אז דאס גלויבען אליין אהן גוטע טהאטען איז שוין גענוג אום צו רעכטפערטיגען זיך ביי גאט.

solif'ugous *a.* (סא-ליפ'-יו-גאס) וואס בעהאלט זיך פון זון-שיין, נעכטליך, וואס קומט ארויס נור ביי נאכט [ווענען געוויסע אינזעקטען].

soliloqua'cious *a.* (סא-ליל-א-קהוויי'-שאס) וואס רעדט צו זיך אליין.

solil'oquise *v.* (סא-ליל'-א-קהוואיז) ז. ***soliloquize***.

solil'oquize *v.* (סא-ליל'-א-קהוואיז) רעדען צו זיך אליין.

solil'oquy *n.* (סא-ליל'-א-קהווי) דאס רעדען צו זיך אליין; א געשפרעך צו זיך אליין; א מאנאלאג.

sol'iped *n. and a.* (סאל'-אי-פעד) ז. ***solidungulate***.

sol'ipedal *a.* (סאל'-אי-פעד-על) מיט גאנצע, ניט קיין געשפאלטענע קלויען אדער קאפיטעס [ווי א פערד, אן עזעל א. ז. וו.].

sol'ipede *n.* (סאל'-אי-פיעד) א בהמה מיט ניט געשפאלטענע קלויען [קאפיטעס].

solip'edous *a.* (סא-ליפ'-ע-דאס) וואס האט גאנצע, ניט געשפאלטענע קלויען אדער קאפיטעס. ז. ***solidungulate***.

sol'ipsism *n.* (סאל'-איפ-סיזם) דאס גלויבען נור אין דער אייגענער עקזיסטענץ אננעהמענדיג, אז די עקזיסטענץ פון אנדערע מענשען און זאכען איז נור א פארשטעלונג פון געדאנק.

sol'ipsist *n.* (סאל'-איפ-סיסט) איינער וואס גלויבט, אז נור ער אליין עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט און די עקזיסטענץ פון אנדערע איז נור די פארשטעלונג פון זיין געדאנק.

so'list *n.* (סאו'-ליסט) ז. ***soloist***.

solitaire' *n.* (סאל-אי-טעהר') אן איינזאמער מענש, אן אבגעזונדערטער מענש; א דימענט וואס איז איינגעפאסט אליין, אהן אנדערע עדעלשטיינער; דער סאליטער, א קארטען-שפיעל, וואו איין מענש שפיעלט מיט זיך אליין.

solitari'ety *n.* (סאל-אי-טע-ראי'-ע-טי) איינזאמקייט; דאס זיין אליין.

sol'itarily *adv.* (סאל'-אי-טע-רי-לי) אויף אן איינזאמען שטייגער; אליין.

sol'itariness *n.* (סאל'-אי-טע-רי-נעס) די איינזאמקייט; דאס זיין אליין.

solita'riousness *n.* (סאל-אי-טיי'-רי-אס-נעס) איינזאמקייט; אבגעזונדערטקייט.

sol'itary *a. and n.* (סאל'-אי-טע-רי) איינזאם; אבגעזונדערט, צוריקגעצויגען, אליין; שטיל, טויט, טרויעריג [ווי למשל, א געגענד]; וואס לעבט בעזונדער אדער פערלעכווייז און ניט אין גרופען [ווענען חיות]; אן איינזידלער, א צוריקגעצויגענער מענש, א מענש וואס לעבט אין איינזאמקייט.

sol'itary confine'ment (סאל'-אי-טע-רי קאנ-פאינ'-מענט) איינזאמע פערהאפטונג; דאס זיין פערשלאסען אין א בעזונדערען צימערעל אין א געפענגניס.

sol'itary impris'onment (סאל'-אי-טע-רי אימ-פריז'-נ-מענט) ז. ***solitary confinement***.

sol'ito *adv.* (סאל'-אי-טא) אין מוזיק — אויף דעם געוועהנליכען שטייגער.

sol'itude *n.* (סאל'-אי-טיוד) איינזאמ-

קייט; אבגעזונדערטקייט; אן איינזאמער ארט, א וויסטע.

soliv'agant *a.* (סא-ליוו'-ע-גענט) וואס בלאנדזשעט ארום איינזאם.

soliv'agous *a.* (סא-ליוו'-ע-גאס) ז. *solivagant*.

solive' *n.* (סא-ליוו') איינער פון די קווער-באלקענס, אויף וועלכע מען שלאגט אן די ברעטער פון דער סטעליע אדער פון דער פאדלאגע.

sol'lar *n.* (סאל'-אר) א מין גאלעריע אין א קלויסטער פון וואנען מען קען נאכזעהן די לאמפען וואס ברענען פאר'ן אלטאר; אן אברוה-פלאץ אדער פלאטפארמע אין א מינע אדער שאכטע.

sol'ler *n.* (סאל'-ער) ז. *sollar*.

sol'leret *n.* (סאל'-ער-עט) אזא אייזערנער שוך ביי די מיטעלאלטערליכע סאלדאטען.

solmiza'tion *n.* (סאל-מי-זיי'-שאן) סאלמיזירונג אדער סאלפעגירונג. ז. *solfamization*.

so'lo *a. and n.* (סאו'-לאו) סאלא, אליין, נים פערבונדען מיט אנדערע; א סאלא [א שטיק מוזיק וואס ווערט געזונגען אדער געשפיעלט פון איינעם].

so'loist *n.* (סאו'-לא-איסט) א סאליסט, איינער וואס פיהרט אויס א מוזיקאלישעס אדער וואקאלעס שטיק אליין, אהן אנדערע שפיעלער אדער זינגער.

Sol'omon's-seal' *n.* (סאל'-א-מאנז-סיעל') שלמה'ס זיגעל אדער דער וויים-וואורץ [א מין הויכעם גראז מיט לאנגע לאפען-עהנליכע בלעטער און מיט גרינליכע בלומען]; א מגן דוד [ז. איל.].

Solomon's-seal

so-long' *int.* (סאו-לאהנג') אדיע! אויף ווידערזעהען!

so long as (סאו לאהנג עז) אזוי לאנג ווי, כל זמן.

so'lo-part *n.* (סאו'-לאו-פארט) א סאלא-שטיק [א טייל פון א מוזיקאלישען שטיק, וואס ווערט געשפיעלט אדער געזונגען סאלא, פון איינעם].

so'los *n.* (סאו'-לאוז) אין מוזיק — סאלאס. ז. *solo*.

sol'stice *n.* (סאל'-סטיס) די זונען-ווענדע, די מאמענטען אין דער שיינבארער בעוועגונג פון דער זון ארום דער ערד, ווען זי שטעהט אב אויף דעם ווייטסטען פונקט פון דעם עקוואטאר [אזעלכע מאמענטען זיינען יאהר זיינען צוויי: דעם 21טען יוני — די זומערדיגע זונען-ווענדע, און דעם 22טען דעצעמבער — די ווינטערדיגע זונען-ווענדע]; דער קולמינאציאנס-פונקט, דער העכסטער פונקט, דער ווענדונגס-פונקט.

solsti'tial *a.* (סאל-סטיש'-על) וואס איז שייך צו דער זונען-ווענדע; וואס טרעפט אין דער צייט פון דער זונען-ווענדע. ז. *solstice*.

solsti'tial point (סאל-סטיש'-על פאינט) איינער פון די צוויי פונקטען אין דער קרייז-בעוועגונג פון דער ערד ארום דער זון, וואו די זון שטעהט אב אם ווייטסטען פון עקוואטאר און דער טאג הויבט אן צו ווערען גרעסער [דעם 22טען דעצעמבער] אדער קלענער [דעם 21טען יוני].

solubil'ity *n.* (סאל-יו-ביל'-אי-טי) אויפלעזבארקייט, צולאזבארקייט, די אייגענשאפט פון געוויסע קערפער און שטאפען צו ווערען אויפגעלעזט אדער פאנאנדערגעלאזען אין א פליסיגקייט; דאס קענען געלעזט אדער פערענטפערט ווערען [ווי א פראגע, א ספק].

sol'uble *a.* (סאל'-יובל) אויפלעזבאר, וואס קען אויפגעלעזט ווערען, וואס קען צוגאנגען ווערען; וואס קען געלעזט אדער געשליכטעט ווערען [ווי א פראגע, א ספק].

sol'uble blue (סאל'-יובל בלוה) אזא קויהלען-שווארצע פארב, וואס קען פאנאנדערגעלאזען ווערען אין וואסער [ווערט בענוצט אין פארבען מאנופאקטור-וואארע]; דער מארינען-בלוי, די פארב פון מאטראזען געוואנד.

sol'ubleness *n.* (סאל'-יובל-נעס) ז. *solubility*.

so'lum *n.* (סאו'-לאם) אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — לאנד, א שטיקעל לאנד.

so'lund-goose *n.* (סאו'-לאנד-גוהס) ז. *solan*.

so'lus *a.* (סאו'-לאס) אליין [ווערט געברויכט אין דראמאטישע ווערק].

Enter the king **solus**.

solute' *a.* (סא-ליוט') וואס קען צולאזגען ווערען [ווי זאלץ אין וואסער]; אין באטאניק — לויז, פריי, נים צוגעוואקסען.

solu'tion *n.* (סא-ליו'-שאן) די אויפלעזונג, דאס אויפלעזען, דאס פאנאנדערלאזען הארטע אדער געדיכטע שטאפען אין א פליסיגקייט; די פליסיגקייט, אין וועלכער אן אנדער שטאף איז פאנאנדערגעלאזען; לעזונג [פון א פראבלעם], ערקלערונג; פאנאנדערלאזונג, אויפלעזונג; דער קריזיס [פון א קראנקהייט]; צאהלונג [פון א חוב], קוויטירונג.

sol'utive *a.* (סאל'-יו-טיוו) אויפלעזענד, צולאזענד; וואס צולאזט; אבפיהרענד, וואס מאכט לאקסירען.

solvabil'ity *n.* (סאל-וע-ביל'-אי-טי) די אויפלעזבארקייט, דאס קענען פאנאנדערגעלאזען ווערען; לעזבארקייט, דאס קענען געלעזט ווערען [ווי א פראבלעם].

sol'vable *a.* (סאל'-וועבל) אויפלעזבאר [וואס קען צוגאנגען ווערען]; ערקלערבאר, לעזבאר [וואס קען ערקלערט ווערען אדער געלעזט ווערען]; צאהלבאר [וואס קען בעצאהלט ווערען].

sol'vableness *n.* (סאל'-וועבל-נעס) ז. *solvability*.

solve *v.* (סאלוו) אויפלעזען; לעזען [א פראגע אדער א מאטעמאטישעם פראבלעם]; ערקלערען; בעשליסען, שליכטען.

sol'vency *n.* (סאל'-ווענ-סי) די צאהלונגס-פעהיגקייט, די פעהיגקייט צו צאהלען שולדען.

sol'vend *n.* (סאל'-ווענד) א שטאף וואס דארף אויפגעלעזט ווערען.

sol'vent *a. and n.* (סאל'-ווענט) צאהלונגס-פעהיג, פעהיג צו צאהלען שולדען; אויפלעזענד, צולאזענד; וואס קען זיך צולאזען; אן אויפלעזונגס-מיטעל [א פליסיגקייט וואס דיענט אלס א מיטעל צו צולאזען מעטאלען].

sol'ver *n.* (סאל'-ווער) איינער וואס לעזט אויף אדער ערקלערט.

sol'vible *a.* (סאל'-וויבל) ז. *solvable*.

so'ma *n.* (סאו'-מא) דער קערפער, דער גוף [אין געגענזאץ צו דער נשמה]; אין אסט-אינדיען — סאמא [א פערהייליגטער שטארקער געטראנק, וועלכען מען פלעגט אמאל ברענגען אלס קרבן צום גאט אינדרא]; אזא אסט-אינדישע פלאנצע, פון וועלכער עס טריפט א זאפט, וואס פלעגט דיענען צו מאכען דעם שטארקען געטראנק "סאמא".

so man'y (סאו מענ'-אי) 1. דיזעלבע צאהל; 2. אזוי פיעל.

1. There were also **so many** books in the other closet. 2. **So many** people asked me to speak that I could not refuse.

somat'ic *a.* (סא-מעט'-איק) וואס איז שייך צום גוף [אין געגענזאץ צו דער נשמה]; קערפערליך, לייבליך, גשמיות'דיג.

somat'ical *a.* (סא-מעט'-אי-קעל) ז. *somatic*.

somat'ics *n.* (סא-מעט'-איקס) ז. *somatology*.

so'matism *n.* (סאו'-מע-טיזם) מאטעריאליזם. ז. *materialism*.

so'matist *n.* (סאו'-מע-טיסט) א מאטעריאליסט. ז. *materialist*.

somatogen'ic *a.* (סאו-מע-טא-דזשענ'-איק) וואס ענטשטעהט אדער ענטוויקעלט זיך אין קערפער צוליעב די בעדינגונגען פון דער סביבה.

somatolog'ic *a.* (סאו-מע-טא-לאדזש'-איק) ז. *somatological*.

somatolog'ical *a.* (סאו-מע-טא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו סאמאטאלאגיע. ז. *somatology*.

somatol'ogy *n.* (סאו-מע-טאל'-א-דזשי) סאמאטאלאגיע, די קערפער-לעהרע, די לעהרע וועגען קערפער; די לעהרע וועגען קערפערליכען געבוי פון מענשען אלס א טייל פון אנטראפאלאגיע.

so'matome *n.* (סאו'-מע-טאום) איינער פון די טיילען אויף וועלכע מען קען טעארעטיש צוטיילען א קערפער.

somatom'ic *a.* (סאו-מע-טאמ'-איק) וואס האט די אייגענשאפט אדער דעם כאראקטער פון איינעם פון די טיילען אויף וועלכע מען קען טעארעטיש צוטיילען א קערפער; וואס צוטיילט א קערפער אויף טיילען וועלכע עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט אדער נאר אין דער טעאריע.

somatot'omy *n.* (סאו-מע-טאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון מענשליכען קערפער.

som'ber *a. and v.* (סאם'-בער) דונקעל, פינסטער, פערכמורעט; אומעדיג, מעלאנכאליש, טרויעריג; פערדונקלען, פערפינסטערען; פערכמורען; מאכען מעלאנכאליש.

som'berly *adv.* (סאם'-בער-לי) אויף א דונקעלען, פינסטערען אדער פערכמורעטען שטייגער.

som'berness *n.* (סאם'-בער-נעס) דונקעלקייט, פינסטערקייט; מעלאנכאליע, טרויעריגקייט, אומעדיגקייט.

som'bre *a. and v.* (סאם'-בער) ז. *somber*.

sombre'ro *n.* (סאם-בריי'-ראו) א הויכער הוט מיט זעהר ברייטע ראנדען [ווי עס ווערט געטראגען אין מעקסיקא און אין די דרום-מערב טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

som'brous *a.* (סאם'-בראס) דונקעל, פינסטער, פערכמורעט.

som'brously *adv.* (סאם'-בראס-לי) אויף א דונקעלען, פינסטערען אדער פערכמורעטען שטייגער.

som'brousness *n.* (סאם'-בראס-נעס) דאס זיין פערדונקעלט אדער פערכמורעט.

some *a., pr. and adv.* (סאם) ; מאנכער עטוואס, א ביסעל ; אונגעפעהר ; אייניגע.
some'body *n.* (סאם׳-באד-אי) אימע־צער, יעמאנד ; אן עפעס, אן אסאבע [א וויכטיגע פערזאן].
some'body else (סאם׳-באד-אי עלס) אימעצער אנדערש.
some few (סאם פיו) אייניגע.
some'how *adv.* (סאם׳-האו) ווי עס איז, ווי ניט איז, אויף אזא אדער אויף אן אנדער אופן, אזוי אדער אזוי.
some one (סאם הוואן) אימעצער, איינער.
some per'son (סאם פויר׳-סאן) אימע־צער, איינער, א פערזאן.
some pump'kins (סאם פאמפ׳-קינז) א בעדייטענדער אדער טיכטיגער מענש ; עפעס בעדייטענדעס אדער גרויסארטיגעס.
som'ersault *n.* (סאמ׳-ער-סאהלט) א שפרונג, איבערקוליענדיג זיך אין דער לופ־טען.
som'erset *n. and v.* (סאמ׳-ער-סעט) א שפרונג אין דער הויך, איבערקוליענדיג זיך אין דער לופטען ; מאכען אזא שפרונג.
some'thing *n. and adv.* (סאמ׳-טהינג) עפעס, עטוואס ; עפעס ווירקליכעס ; א וויכטיגע זאך, א וויכטיגע פערזענליכקייט; א ביסעל ; ביז א געוויסער מאס, ביז א געוויסען גראד.
some'thing else (סאמ׳-טהינג עלס) עטוואס אנדערש.
some'thingness *n.* (סאמ׳-טהינג-נעס) בעדייטונג, וויכטיגקייט.
some'thing to see (סאמ׳-טהינג טו סיע) עפעס וואס איז ווערטה צו זעהן.
some'time *adv. and a.* (סאמ׳-טאים) אמאל, אין א געוויסער צייט ; ווען עס איז [אין דער צוקונפט] ; צייטענווייז; פריהערינ ; וואס איז געווען אמאל.
some'times *adv.* (סאמ׳-טאימז) 1. צייַ־טענווייז ; 2. ווען ניט איז.
1. Sometimes I take a vacation. 2. I shall read this article sometimes when I am not so busy.
some'way *adv.* (סאמ׳-הוויי) אויף אזא אדער אנדער אופן.
some'what *adv. and n.* (סאמ׳-הוואט) א ביסעל ; אין א געוויסער מאס ; מעהר אדער ווענינער ; עפעס ; א בעדייטענדע זאך אדער פערזאן.
some'when *adv.* (סאמ׳-הווען) ווען ניט איז.
some'where *adv.* (סאמ׳-הוועהר) ער־גיץ, וואו עס איז.
some'while *adv.* (סאמ׳-הוואיל) ווען ניט איז ; אין א געוויסער צייט ; צייטענ־ווייז ; פון צייט צו צייט ; אמאל.
some'whither *adv.* (סאמ׳-הוויטה-ער) ערגעץ וואו.
so'mite *n.* (סאו׳-מאיט) א טייל פון קערפער [ווי איינער פון די רינגען פון א ווארים אדער אינזעקט] אהן די גליע־דער וואס זיינען צו איהם צוגעוואקסען.
somnam'bulance *n.* (סאמ-נעמ׳-ביו-לענס) ז. ***somnambulism***
somnam'bulant *a.* (סאמ-נעמ׳-ביו-לענט) נאכט־וואנדלענד, וואס געהט ארום אין שלאף ; סאמנאמבוליסטיש, וואס האט אין זיך די עלעמענטען פון סאמנאמבוליזם. ז. ***somnambulism***
somnam'bular *a.* (סאמ-נעמ׳-ביו-לאר) וואס איז שייך צו סאמנאמבוליזם אדער צו די סאמנאמבוליסטען ; נאכט־וואנדלעריש. ז. ***somnambulism***
somnam'bulate *v.* (סאמ-נעמ׳-ביו-לייט) ארומגעהן שלאפענדיג, ארומוואנדע־רען אין צושטאנד פון שלאף.
somnambula'tion *n.* (סאמ-נעמ-ביו-ליי׳-שאן) דאס ארומוואנדערען שלאפענ־דיג, נאכט־וואנדלונג.
somnam'bule *n.* (סאמ-נעמ׳-ביול) א סאמנאמבוליסט, א נאכט־וואנדלער. ז. ***somnambulist***
somnam'bulism *n.* (סאמ-נעמ׳-ביו-ליזם) סאמנאמבוליזם, א קראנקהייט, ווען דער מענש אין שלאפענדען צושטאנד שטעהט אויף, געהט אום און טהוט פער־שיעדענע זאכען, גאר ניט געדענקענדיג וועגען דעם, ווען ער איז אין וואכענדען צושטאנד ; נאכט־וואנדלונג.
somnam'bulist *n.* (סאמ-נעמ׳-ביו-ליסט) א סאמנאמבוליסט, א נאכט־וואנד־לער, א שלאף־וואנדלער, איינער וואס געהט ארום שלאפענדיג.
somnambulis'tic *a.* (סאמ-נעמ-ביו-ליס׳-טיק) וואס איז שייך צו סאמנאמבו־ליזם אדער צו א סאמנאמבוליסט. ז. ***somnambulism***
som'nia *n.* (סאמ׳-ני-א) חלומות. ז. ***somnium***
som'nial *a.* (סאמ׳-ני-על) וואס איז שייך צו א חלום אדער חלומות.
som'niative *a.* (סאמ׳-ני-ע-טיוו) וואס איז שייך צו חלומ׳ען ; וואס איז שייך צו חלומות, וואס ברייננט ארויס חלומות.
som'niatory *a.* (סאמ׳-ני-ע-טא-רי) ז. ***somniative***
somnic'ulous *a.* (סאמ-ניק׳-יו-לאס) שלעפריג.
somnifa'cient *n. and a.* (סאמ-ני-פיי׳-שיענט) עטוואס וואס ווירקט צום איינשלאפען ; איינשלעפערענד.
somnif'erous *a.* (סאמ-ניפ׳-ע-ראס) איינשלעפערענד ; וואס ווירקט צום איינ־שלאפען.
somnif'ic *a.* (סאמ-ניפ׳-איק) ז. ***somniferous***
somnif'ugous *a.* (סאמ-ניפ׳-יו-גאס) וואס פערטרייבט דעם שלאף.
somnil'oquence *n.* (סאמ-ניל׳-א-קהוענס) דאס רעדען אין שלאף.
somnil'oquism *n.* (סאמ-ניל׳-א-קהוויזם) ז. ***somniloquence***
somnil'oquist *n.* (סאמ-ניל׳-א-קהוויסט) איינער וואס רעדט פון שלאף.
somnil'oquous *a.* (סאמ-ניל׳-א-קהוואס) וואס קען רעדען פון שלאף, וואס רעדט פון שלאף.
somnil'oquy *n.* (סאמ-ניל׳-א-קהווי) דאס רעדען פון שלאף ; דאס רעדען בעת נאכט־וואנדלונג [ז. ***somnambulism***].
somnip'athy *n.* (סאמ-ניפ׳-ע-טהי) א שלאף וואס קומט דורך היפנאטישער קראפט.
som'nium *n.* (סאמ׳-ני-אם) א חלום ; פער׳חלומ׳טקייט ; האלב־וואכענדער צו־שטאנד.
som'nolence *n.* (סאמ׳-נא-לענס) שלע־פעריגקייט.
som'nolency *n.* (סאמ׳-נא-לענ-סי) ז. ***somnolence***
som'nolent *a.* (סאמ׳-נא-לענט) שלע־פעריג.
som'nolently *adv.* (סאמ׳-נא-לענט-לי) אויף א שלעפעריגען שטייגער.
som'nolism *n.* (סאמ׳-נא-ליזם) א מעז־מערישער שלאף ; די לעהרע וועגען מעז־מערישען שלאף. ז. ***mesmerism***
so much (סאו מאטש) אזוי פיעל.
so much as (סאו מאטש עז) אויף וויפיעל.
son *n.* (סאן) א זוהן.
sonab'ile *a.* (סא-נעב׳-אי-לע) אין מו־זיק — קלינגענד, אבקלינגענד.
so'nance *n.* (סאו׳-נענס) ז. ***sonancy***
so'nancy *n.* (סאו׳-נענ-סי) דאס הא־בען א קלאנג ; דאס זיין קלינגענד ; א קלאנג.
so'nant *a. and n.* (סאו׳-נענט) קלינ־גענד, וואס האט א קלאנג ; א קלינגענדער בוכשטאב.
sona'ta *n.* (סא-נא׳-טא) א סאנאטע, א שטיק מוזיק צום שפילען מיט אן אינ־סטרומענט, א מוזיק־שטיק אין דריי אדער פיער זעצע אדער אבטיילונגען וואס ווערט מעהרסטענס געשפילט אויף קלאוויר.
son'cy *a.* (סאנ׳-סי) גליקליך ; אויפגע־לעבט, פרעהליך ; גוט געשטימט.
song *n.* (סאהנג) 1. א געזאנג ; 2. א ליעד, א געדיכט ; 3. פאעזיע ; 4. א קליי־ניגקייט, א גארנישט, א שיבעש.
4. He bought it for a song.
song'-bird *n.* (סאהנג׳-בוירד) א זינג־פויגעל.
song'-book *n.* (סאהנג׳-בוק) א ליעדער־בוך.
song'-craft *n.* (סאהנג׳-קרעפט) די ליע־דער־קונסט [די קונסט צו פערפאסען ליעדער].
song'ful *a.* (סאהנג׳-פול) גענייגט אדער פעהיג צום זינגען ; מעלאדיש.
song'less *a.* (סאהנג׳-לעס) ניט זינגענ־דיג ; וואס זינגט ניט.
song'man *n.* (סאהנג׳-מען) א זינגער ; א ליעדער־זינגער.
Song of Sol'omon (סאהנג אוו סאל׳-א-מאן) שיר השירים פון שלמה המלך.
Song of Songs (סאהנג אוו סאהנגז) שיר השירים [פון שלמה המלך].
song'-spar'row *n.* (סאהנג׳-ספער׳-או) דער זינג־שפערלינג [אזא קליין נארד־אמעריקאניש זינג־פויגעלע].
song'ster *n.* (סאהנג׳-סטער) א זינגער ; א ליעדער־זינגער ; א ליעדער־שרייבער ; א זינג־פויגעל.
song'stress *n.* (סאהנג׳-סטרעס) א זינ־גערין ; א ליעדער־זינגערין.
song'-thrush *n.* (סאהנג׳-טהראש) די זינג־דראסעל [אזא זינג־פויגעל].
sonifac'tion *n.* (סאנ-אי-פעק׳-שאן) דאס מאכען א גערויש [ווי געוויסע אינ־זעקטען].
son'ifer *n.* (סאנ׳-אי-פער) א הער־אינסטרומענט פאר האלב־טויבע.
sonif'erous *a.* (סא-ניפ׳-ע-ראס) וואס ברייננט ארויס אדער גיט ארויס א קלאנג.
son'-in-law' *n.* (סאנ׳-אינ-לאה׳) אן איידים, א שוויגער־זוהן.
son'net *n. and v.* (סאנ׳-עט) א סאנעט [אזא געדיכט פון פיערצעהן צייַלען] : א ליעד, א קורצע פאעמא ; פערפאסען סאַ־נעטען.
sonneteer' *n. and v.* (סאנ-ע-טיער׳) א סאנעטען־דיכטער, א פערפאסער פון קורצע געדיכטע ; פערפאסען סאנעטען, שרייבען גראמען.
son'netist *n.* (סאנ׳-עט-איסט) א סאנע־טען־דיכטער ; א פערפאסער פון קור־צע געדיכטע.
son'netize *v.* (סאנ׳-עט-איז) מאכען סאַ־נעטען ; בעזינגען אין סאנעטען. ז. ***sonnet***
sonnetteer' *n. and v.* (סאנ-ע-טיער׳) ז. ***sonneteer***

son'nettist *n.* (סאַנ'-עט-איסט) ז. ***sonnetist***.
son'net-wri'ter *n.* (סאַנ'-עט-ראַי'-טער) א סאָנעטען-דיכטער, א שרייבער פון קורצע געדיכטען.
son'ny *n.* (סאַנ'-אי) זוהנעלע.
son of a bitch (סאַן אָוו ע ביטש) א פּאַדלעצ, א געמיינער הונד, א ממזר בן הנדה.
son of a gun (סאַן אָוו ע גאַן) א פּאַדלעצ, א געמיינער יונג, אַן אויסוואורף.
Son of God (סאַן אָוו גאָד) קריסטוס.
Son of Heav'en (סאַן אָוו העווען) דער הימעלס-זוהן [דער טיטול פון די אמאליגע כינעזישע קייזארים].
son of man (סאַן אָוו מען) מענשען-זוהן [בן אדם].
sonom'eter *n.* (סאָ-נאַמ'-ע-טער) א טאָן-מעסטער [אַן אינסטרומענט צום אבפּראָבירען סטרונעס פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטען]; אַן אינסטרומענט וואָס ווערט בענוצט אבצופּראָבירען טויבקייט; אַן עלעקטרישער אפּאַראַט צו פּראָבירען מעטאַלען.
sono're *adv.* (סאָ-נאָ'-רע) — אין מוזיק הויך, קלינגענד.
sonores'cence *n.* (סאָו-נאָ-רעס'-ענס) די פעהיגקייט ארויסצוגעבען קלאַנגען אונטער דער ווירקונג פון היץ-שטראַהלען. ז. ***radiophony***.
sonores'cent *a.* (סאָו-נאָ-רעס'-ענט) וואָס גיט ארויס קלאַנגען אונטער דער ווירקונג פון היץ-שטראַהלען.
sonorif'ic *a.* (סאָו-נאָ-ריפ'-איק) ז. ***soniferous***.
sonor'ity *n.* (סאָ-נאַר'-אי-טי) דאָס קלינגען, דאָס זיין קלינגענדיג.
sono'rous *a.* (סאָ-נאָו'-ראַס) קלינגענד; הויך-קלינגענד; העל-קלינגענד; קלאַנגפול, וואויל-קלינגענד.
sono'rous fig'ures (סאָ-נאָו'-ראַס פיג'-יורז) קלאַנג-פיגורען, די פיגורען וועלכע בילדען זיך דורך די וויבראַציאנען פון א קלאַנג [ווען מען שיט ארויף א דינעם שיכט זאמד אויף א פּלאַטע פון גלאָז אָדער מעטאַל און מען גיט א ציה מיט א סמיק אויף דעם ראַנד פון דער פּלאַטע, דאַן קומט פאָר אין פערבינדונג מיט דעם טאָן, וואָס עס ווערט געהערט, א געוויסע בעוועגונג פון די זאַמד-טיילכעלעך און עס בילדען זיך פיגורען אויף דער פּלאַטע].
sono'rously *adv.* (סאָ-נאָו'-ראַס-לי) קלינגענדיג; מיט א קלאַנג; מיט א הויכען אָדער העלען קלאַנג.
sono'rousness *n.* (סאָ-נאָו'-ראַס-נעס) ז. ***sonority***.
Sons of Lib'erty (סאַנז אָוו ליב'-ער-טי) איינער פון די געהיימע פעראיינען אין די ענגליש-אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען שפּעטער געבילדעט די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא, וואָס האָבען זיך געגרינדעט אין די יאָהרען 1773—74 צו בעפרייען אַמעריקא פון דער הערשאַפט פון ענגלאַנד.
son'sy *a.* (סאַנ'-סי) ז. ***soncy***.
soon *adv.* (סוהן) 1. באַלד; גלייך; 2. שנעל; 3. פריהער, בעפאָר; 4. גערן, וויליג, בעסער, ליעבער.

1. I hope to see you **soon**. 2. It shall be done **sooner** and with less cost. 3. He went away somewhat **sooner** than I expected. 4. I would as **soon** resign my position.

soon'er *adv.* (סוהנ'-ער) פריער; גיכער; בעסער.
soon'er or la'ter (סוהנ'-ער אָהר לייט'-ער) פריהער אָדער שפּעטער, אין וועלכער עס איז צייט.
soon'er said than done (סוהנ'-ער סעד טהען דאַן) לייכטער געזאָגט איידער געטהאַן.
soon'est *adv.* (סוהנ'-עסט) אין דער שנעלסטער צייט, אַם פריהסטען.
soon got, soon gone (סוהן גאָט, סוהן גאָהן) שנעל געוואונען, שנעל צורונען.
soot *n. and v.* (סוט) סאַזשע, רוס; בעדעקען מיט סאַזשע.
soot'-can'cer *n.* (סוט'-קענ'-סער) א סאַזשע-ראַק [אַ קראַנקהאַפטער אנוואוקס ביי קוימען-רייניגער, פעראורזאַכט פון רוס אָדער סאַזשע].
soot'flake *n.* (סוט'-פלייק) א שטיקעל סאַזשע; א פלעק, א שמיער.
soothe *v.* (סוהטה) לאַשטשען, מאַכען קאָמפּלימענטען; איינשטילען, בערוהיגען, בעזענפטיגען; לינדערען; מילדערען.
sooth'er *n.* (סוהטה'-ער) א שמייכלער.
sooth'ing *n.* (סוהטה'-אינג) דאָס שמייכלען, דאָס חנפ'ענען; שמייכלעריי; בערוהיגונג, איינשטילונג; דאָס בערוהיגען, דאָס איינשטילען.
sooth'ingly *adv.* (סוהטה'-אינג-לי) שמייכלעריש; לאַשטשענדיג; בערוהיגענדיג, איינשטילענדיג.
sooth'say *v.* (סוהטה'-סיי) פּראָפעצייען, נביאות זאָגען, פּאָרויסזאָגען די צוקונפט.
sooth'sayer *n.* (סוהטה'-סיי-ער) א פּראָפעצייער, א נביאות-זאָגער.
sooth'saying *n.* (סוהטה'-סיי-אינג) נביאות-זאָגעריי, פּראָפעצייאונג, נביאות.
soot'ily *adv.* (סוט'-אי-לי) רוסיג, מיט רוס, מיט סאַזשע.
soot'iness *n.* (סוט'-אי-נעס) סאַזשיגקייט, רוסיגקייט.
soot'ish *a.* (סוט'-איש) רוסיג; ווי רוס, ווי סאַזשע.
soot'less *a.* (סוט'-לעס) אָהן רוס, אָהן סאַזשע.
soot'-wart *n.* (סוט'-וואָהרט) ז. ***soot-cancer***.
soot'y *a. and v.* (סוט'-אי) וואָס גיט ארויס סאַזשע אָדער רוס; וואָס בעשטעהט פון סאַזשע; סאַזשיג, רוסיג, בעדעקט מיט סאַזשע אָדער רוס; ווי סאַזשע, ווי רוס; דונקעל, שוואַרץ; אבשוואַרצען מיט סאַזשע.
sop *n. and v.* (סאָפּ) אַן איינגעטונקטער ביסען, אַן איינגעטונקטעס שטיקעל; א קליין שטיקעל, א ברעקעל; א ווערטהלאזע זאַך; א געשענק, א מתנה; שוחד, כאַבאַר, לאַפּקע; טונקען, איינטונקען; איינזווייגען; דורכנעצען; דורכגעווייקט ווערען.
soph *n.* (סאָף) א סטודענט אין דעם צווייטען יאָהר פון זיין שטודיום.
soph'ic *a.* (סאָפ'-איק) קלוג, געלעהרט; וואָס איז שייך צו קלוגהייט אָדער געלעהרטקייט.
soph'ical *a.* (סאָפ'-אי-קעל) ז. ***sophic***.
soph'ically *adv.* (סאָפ'-אי-קעל-אי) מיט קלוגהייט, מיט געלעהרטקייט.
soph'ism *n.* (סאָפ'-איזם) א סאָפיזם, א פאַלשער שלוס, א פּלפּול, א שיינבאַרער לאָגישער בעווייז.
soph'ist *n.* (סאָפ'-איסט) א סאָפיסט, א בעל פּלפּול'ניק, א פּשט'לעך-מאַכער, א דרעה-קאָפּ; א לעהרער פון פילאָזאָפיע און רעטאָריק [רעדנער-קונסט] אין אַלטען גריכענלאַנד; א ספּעציאַליסט.
soph'ister *n.* (סאָפ'-איס-טער) א געלעהרטער, א לעהרער, א פילאָזאָפיע-לעהרער; א סאָפיסט, א בעל-פּלפּול'ניק; א סטודענט, וואָס איז שוין דאָס צווייטע יאָהר אין אוניווערזיטעט.
sophis'tic *a. and n.* (סאָ-פיס'-טיק) סאָפיסטיש, פערדרעהט, אויסגע'פּשט'עלט, פּלפּול'דיג; די מעטאָדען פון די אַמאָליגע גריכישע סאָפיסטען.
sophis'tical *a.* (סאָ-פיס'-טי-קעל) סאָפיסטיש, פערדרעהט, פּלפּול'דיג, וואָס איז אויסגע'פּשט'עלט.
sophis'tically *adv.* (סאָ-פיס'-טי-קעל-אי) אויף א סאָפיסטישען אופן, מיט סאָפיזם, דורך פּשט'לעך.
sophis'ticalness *n.* (סאָ-פיס'-טי-קעל-נעס) דאָס זיין סאָפיסטיש ז. ***sophism***.
sophis'ticate *v.* (סאָ-פיס'-טי-קייט) פערדרעהען, פעלשען, פערפעלשען; פערדאַרבען.
sophistica'tion *n.* (סאָ-פיס-טי-קיי'-שאַן) א סאָפיזם; די אַנווענדונג פון סאָפיזם [ז. ***sophism***]; דאָס פּשט'לען, דאָס פּלפּול'ען; א פּלפּול, א פּשט'על; א פעלשונג; פעלשונג, פערדאַרבונג; א געפעלשטע זאַך; א פעלשונגס-מיטעל.
sophis'ticator *n.* (סאָ-פיס'-טי-קיי-טאָר) א פעלשער, א פערדרעהער, א פערדאַרבער.
sophis'ticism *n.* (סאָ-פיס'-טי-סיזם) די פילאָזאָפיע און מעטאָדען פון די סאָפיסטען אין אַלטען גריכענלאַנד.
soph'istry *n* (סאָפ'-איס-טרי) סאָפיסטעריי, די מעטאָדען און לעהרען פון די סאָפיסטען אין אַלטען גריכענלאַנד; פאַלשע לאָגיק, דריידלעך, פּשט'לעך.
soph'omore *n. and a.* (סאָפ'-אָ-מאָור) א סטודענט אין צווייטען יאָהר פון זיין שטודיום אין אוניווערזיטעט; וואָס איז דאָס צווייטע יאָהר אין אוניווערזיטעט; וואָס איז שייך צו דעם שטודיום פון צווייטען יאָהר אין אוניווערזיטעט.
sophomor'ic *a.* (סאָפ-אָ-מאַר'-איק) וואָס איז שייך צו דעם צווייטען קורס פון שטודיום אין אוניווערזיטעט; וואָס איז שייך צו א סטודענט אין דעם צווייטען יאָהר פון זיין שטודיום; באָמבאַסטיש, מיט הויך-קלינגענדע אָדער אויפגעבלאָזענע ווערטער; איינגעבילדעט; אונענטוויקעלט, האַלב-אונוויסענד.
sophomor'ical *a.* (סאָפ-אָ-מאַר'-אי-קעל) ז. ***sophomoric***.
so'pient *n.* (סאָו'-פּי-ענט) אַן איינשלעפערונגס-מיטעל.
so'pite *v.* (סאָו'-פּאַיט) לעגען שלאָפען; איינשטילען; איינשלעפערען.
so'por *n.* (סאָו'-פּאָר) א טיעפער און-נאַטירליכער שלאָף; לעטאַרגיע, היהנער-פּלעט.
soporif'erous *a.* (סאָו-פּאָ-ריפ'-ע-ראַס) איינשלעפערענד.
soporif'erously *adv.* (סאָו-פּאָ-ריפ'-ע-ראַס-לי) איינשלעפערענדיג.
soporif'erousness *n.* (סאָו-פּאָ-ריפ'-ע-ראַס-נעס) די איינשלעפערענדע קראַפט; די איינשלעפערענדע איינגעשאַפט.
soporif'ic *a. and n.* (סאָו-פּאָ-ריפ'-איק) איינשלעפערענד, וואָס שלעפערט איין; א שלאָף-מיטעל.
so'porose *a.* (סאָו'-פּאָ-ראָוס) ז. ***soporous***.
so'porous *a.* (סאָו'-פּאָ-ראַס) וואָס פעראורזאַכט א טיעפען שלאָף; וואָס שלעפערט שטאַרק איין.
sop'per *n.* (סאָפּ'-ער) אַן איינטונקער, איינער וואָס טונקט איין שפּייז צום עסען.

sop'ping *a.* (סאפ'-אינג) דורכווייקענד, דורכנעצענד; דורכגעווייקט.

sop'py *a.* (סאפ'-אי) נאס, פייכט, דורכגענעצט.
It is a soppy day.

so'pra *adv.* (סאו'-פרא) — אין מוזיק איבער, העכער.

sopra'nist *n.* (סא-פרא'-ניסט) א סאפראנא=זינגער, איינער וואס זינגט מיט א סאפראנא=שטימע.

sopra'no *n. and u.* (סא-פרא'-נאו) א סאפראנא, א דיסקאנט, אן אויבער=שטימע [א דינע הויכע שטימע פון א פרוי אדער פון א מאנספערזאן אין די אינגעל=יאהרען]; א סאפראנא=זינגער; א מוזיקשטיק וואס ווערט געזונגען דורך א סאפראנא=שטימע; סאפראנאדיג, פון א סאפראנא.

sopra'no clef (סא-פרא'-נאו קלעף) אין מוזיק — דער דיסקאנט=שליסעל [דער *C* שליסעל ווען ער ווערט געשטעלט אויף דער אונטערשטער נאטען=ליניע].

sorb *n.* (סאהרב) דער שאלאמוקסנע בוים, דער ראבינעס=בוים, דער בערגעשען=בוים [אזא בוים אויף וועלכען עס וואקסען בינטלעך רויטע זויערע יאגדעס]; דער שפערבער=בוים; ראבינעס, שלאמוקסנעס [די יאגדעס פון א ראבינעס=בוים אדער שאלאמוקסנע בוים].

sorbefa'cient *a. and n.* (סאהר-בי-פיי'-שיענט) וואס פעראורזאכט איינזויגונג; א מיטעל צו פעראורזאכען איינזויגונג.

sor'bet *n.* (סאהר'-בעט) ז. ***sherbet***

sor'bic *a.* (סאהר'-ביק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון א שפערבער=בוים אדער ראבינעס=בוים.

sor'bic ac'id (סאהר'-ביק עס'-איד) א כעמישע זויערע וואס ווערט ערהאלטען פון ראבינעס אדער שאלאמוקסנעס.

sorbi'tion *n.* (סאהר-ביש'-אן) אריינטרינקונג, אריינזופונג.

sor'cerer *n.* (סאהר'-סער-ער) א צויבערער, א מכשף.

sor'ceress *n.* (סאהר'-סער-עס) א צויבערין, א מכשפה.

sor'cerous *a.* (סאהר'-סער-אס) צויבעריש, כשוף'דיג.

sor'cery *n.* (סאהר'-סער-אי) צויבעריי, כשוף; א צויבער, א כשוף.

sor'des *n.* (סאהר'-דיז) אונריינקייט, שמוץ; אבפאל; אבזאץ; פסולת; אן אנגעוואקסענער שיכט אויף די ליפען און אויף די צייהנער פון פיעבער=קראנקע.

sor'det *n.* (סאהר'-דעט) ז. ***sordine***

sor'did *a.* (סאהר'-דיד) 1. שמוציג; 2. געמיין, נידריג, נידערטרעכטיג; עגאאיסטיש.
1. The poor must unwillingly live sordid lives. 2. His sordid ambition led to his undoing.

sor'didly *adv.* (סאהר'-דיד-לי) אויף א שמוציגען אופן; אויף א געמיינעם אדער נידערטרעכטיגען אופן.

sor'didness *n.* (סאהר'-דיד-נעס) שמוציגקייט; גראבקייט; געמיינהייט; נידערטרעכטיגקייט; עגאאיזם.

sor'dine *n.* (סאהר'-דין) א זארדינע אדער א דעמפפער [דער פעדאל פון א קלאוויר וואס ווערט בענוצט ווייכער צו מאכען דעם קלאנג].

sordi'no *n.* (סאהר-די'-נאו) ז. ***sordine***

sor'dor *n.* (סאהר'-דאר) שמוץ; אבפאל.

sore *n., a. and adv.* (סאור) א וואונד=ארט, וואונד=פלייש; א וואונד; א וועהטאג; א געשוויר; אן אונגליק, א צרה; קומער, שמערץ; א שמערצליכער פערדרוס; א פיער=יעהריגער הירש; אן איינ=יעהריגער פאלק [רויב=פויגעל]; שמערצהאפט, שמערצליך; שלעכט אדער שווער פיהלענד; מיט נייסטיגע שמערצען; פערביטערט; געדריקט, שלעכט געשטימט; פערדריסליך, טרויעריג; העפטיג, שטארק, שלעכט, שווער; עקסטרעם, אויסערארדענטליך, אויסערגעוועהנליך.

sore eyes (סאור איז) קאליע אדער קראנקע אויגען.

sore'head *n.* (סאור'-העד) איינער וואס האט א קראנקען קאפ; אן אונצופריעדענער מענש; איינער וואס האט קריוודעס.

sore'ly *adv.* (סאור'-לי) שמערצליך, שמערצהאפט; פערדריסליך, מיט א שווערען געמיט; העפטיג, שטרענג; עקסטרעם.

sore'ness *n.* (סאור'-נעס) שמערצהאפטיגקייט, שמערצליכקייט, וועהטאג; פיין; א שמערץ=געפיהל, א קרענקונג, א טיעפער פערדרום; פיינליכקייט; העפטיגקייט.

sor'gho *n.* (סאהר'-גאו) ז. ***sorghum***

sor'ghum *n.* (סאהר'-גאם) מאהר=הירזש אדער דורא, אזא גראז=ראהר, וועלכער ענטהאלט אין זיך א צוקערדיגען זאפט; סיראפ אדער צוקער=זאפט פון דיעזען גראז=ראהר.

sori'tes *n.* (סא-ראי'-טיז) אין פילאזאפיע — א סאפיזם וואס בעשטעהט אין דעם, דאס אויסגעהענדיג פון א רייה ריכטיגע בעהויפטונגען ווערט מען געצוואונגען אויף א כלומר'שט לאגישען וועג צו קומען צו א פאלשען שלוס [צ. ב. איין זאמד=קערנדעל איז ניט קיין קופע זאמד, ווען מען לעגט צו צו דעם ערשטען זאמד=קערנדעל א צווייטען, קען אלזא, דער צווייטער דעם ערשטען ניט מאכען פאר א קופע, פאלגליך זיינען אפילו א ביליאן זאמד=קערנדלעך ניט קיין קופע]; א קעטען=שלוס [א רייה פון בעהויפטונגען וועלכע שליסען זיך. איינע אין די אנדערע און פון וועלכע עס קומט ארויס איין שלוס].

soro'ral *a.* (סא-ראו'-רעל) שוועסטערליך.

soror'icide *n.* (סא-ראר'-אי-סאיד) א שוועסטער=מארד; א שוועסטער=מערדער.

soro'sis *n.* (סא-ראו'-סיס) א פרוכט וואס איז ארויסגעוואקסען פון מעהרערע בליהונגען און צונויפגעוואקסענע בלעטער [ווי אנאנאס, ברויט=פרוכט א. ד. ג.].

sor'rel *n. and a.* (סאר'-על) שטשאוויי, זויער=אמפפער, שטשאוועל [אזא פלאנצע מיט זויערע בלעטלעך וואס ווערט בענוצט אלס שפייז]; א געל=ברוינער קאליר; א געל=ברוינעס פערד; געל=ברוין [וועגען פערד]

sor'rel-tree *n.* (סאר'-על-טריע) א מין קליינער בוים מיט בלעטער וואס בלייבען גרין דאס גאנצע יאהר

sor'rily *adv.* (סאר'-אי-לי) פיינליך, שמערצליך, פערדריסליך; עלענד, ערבארמליך; טרויעריג, בעטריבט.

sor'riness *n.* (סאר'-אי-נעס) שמערצליכקייט, פיינליכקייט, פערדריסליכקייט; עלענדקייט, ערבארמליכקייט; טרויעריגקייט, בעטריבטקייט.

sor'row *n. and v.* (סאר'-או) טרויער, קומער, לייד; פערדרוס, ערגערניס; טרויעריגקייט; בעטריבונג; זיך פיהלען בעטריבט אדער טרויעריג; זיין אין פערדרוס אדער אין קומער; זיך קרענקען; טרויערען; זיך פיהלען נידערגעשלאגען; בעטרויערען; בעדויערען.

sor'rower *n.* (סאר'-א-ער) א טרויערער, א בעדויערער.

sor'rowful *a.* (סאר'-א-פול) טרויעריג; בעטריבט; געקרענקט; קלעגליך, עלענד, יאמערליך.

sor'rowfully *adv.* (סאר'-א-פול-אי) מיט טרויער, מיט קומער; בעטריבט, קלעגליך, יאמערליך.

sor'rowfulness *n.* (סאר'-א-פול-נעס) טרויעריגקייט, קומער; ערגערניס, פערדרוס.

sor'rowless *a.* (סאר'-א-לעס) אהן קומער, אהן לייד; אהן טרויער; אהן פערדרוס אדער ערגערניס.

sor'row-strick'en *a.* (סאר'-או-סטריק'ן) געטראפען פון טרויער אדער קומער; בעטריבט, געקרענקט.

sor'ry *a.* (סאר'-אי) טרויעריג, בעטריבט; בעקימערט; פערדריסליך, געקרענקט; אונגליקליך; עלענד; ערבארמליך; יאמערליך; ווערטהלאז, לומפיג.

sor'ry fig'ure (סאר'-אי פיג'-יור) א טרויעריגע, עלענדע פיגור.
He was a sorry figure at the convention.

sort *n. and v.* (סאהרט) א זארט, א גאטונג; די ארט; דער אופן; די נאטור, דער כאראקטער [פון עמוואס]; איינטיילען; איינטיילען אין קלאסען אדער ראנגען; אבזונדערען; זארטירען; איינזארטירען; צוזאמענפאסען, ; צופאסען; זיין פון דעמזעלבען זארט, הארמאנירען, איינשטימען, זיין גלייך; זיך צופאסען, זיך צוזאמענפאסען.

sor'table *a.* (סאהר'-טעבל) זארטירט; פון פערשיעדענע זארטען; אנגעמאסטען; פאסענד; צוגעפאסט.

sor'tably *adv.* (סאהר'-טע-בלי) אנגעמאסטען, צוגעפאסט.

sor'ter *n.* (סאהר'-טער) א זארטירער.

sor'tes *n.* (סאהר'-טיז) א מין גורל=ווארפען צו טרעפען די צוקונפט דורך דער ביבעל [וועלכע מען עפענט אויף ווי עס פאלט אוים און מען שטעלט זיך אב אויף'ן זאץ, אויף וועלכען דאס אויג פאלט צום ערשטען] אדער דורך אויסגעשריבענע זעצע פון וועלכען עס איז בוך [פערשיעדענע זעצע פון בעליעבטע שריפטשטעלער ווערען אויפגעשריבען אויף בעזונדערע צעטעלעך און נאכדעם, ווען זיי ווערען דורכגעמישט, נעהמט מען ארויס איינס פון די צעטעלעך וואס פאלט אין האנד און פון זיין אינהאלט זוכט מען צו טרעפען די צוקונפט].

sor'tes Virgilia'næ (סאהר'-טיז וואיר-דזשי-לי-איי'-ניע) דאס ווארפען גורל נעהמענדיג די ווערק פון דעם פאעט ווירגיליוס. ז. ***sortes***

sor'tie *n.* (סאהר'-טיע) אן איבערפאל וואס א מיליטער=אבטיילונג פון א בעלאגערטען גארניזאן מאכט אויף די בעלאגערער; אן איבערפאל.

sor'tilege *n.* (סאהר'-טי-לעדזש) דאס גורל=ווארפען; דאס טרעפען אדער פארויסזאגען דורך ווארפען גורל; צויבעריי, כשוף.

sortile'gious *a.* (סאהר-טי-לי'-דזשאס) וואס איז שייך צו גורל=ווארפען.

sor'tilegy *n.* (סאהר'-טי-לעדזש-אי) ז. ***sortilege***

sor'ting *n.* (סאהר'-טינג) דאס זארטירען, דאס איינטיילען אין זארטען.

sorti'tion *n.* (סאהר-טיש'-אן) דאס ווארפען גורל.

sort'ment *n.* (סאהרט'-מענט) דאס זארטירען, די זארטירונג, די איינזארטירונג.

so'-so *a.* (סאו'-סאו) נישקשה'דיג, קיין בייז ניט, צו דערטראגען.

so so (סאו סאו) קיין בייז ניט, ניש'קשה, צו דערלייזען.

soss *v., n. and adv.* (סאס) מאכען שמוציג אדער נאס; א שווערער אונגעלומפערטער פאל; א שווערער, אונגעלומפערטער מענש; אונגעלומפערט.

sostenu'to *a.* (סאס-טע-נוה'-טא) אין מוזיק — אנהאלטענד, אויסציהענד אדער פערלענגערענד דעם קלאנג.

sot *n. and v.* (סאט) א שוטה, א באלוואן; א מענש מיט א פערטרונקענעם שכל; א פיאניצע, א שכור; פיאנסטווען, שכור'ען; מאכען דום אדער נאריש; פערטעמפען דעם שכל.

soteriol'ogy *n.* (סא-טי-רי-אל'-א-דזשי) היגיענע, די געזונדהייטס-לעהרע; דער טייל פון דער קריסטליכער טעאלאגיע וואס פערנעהמט זיך מיט דער זעליגקייט פון מענשען דורך יעזוס קריסטוס.

so that (סאו טהעט) כדי אז; מיט דעם צוועק אדער מיט דעם רעזולטאט; אין פאל ווען; אויב.

so to say (סאו טו סיי) אזוי צו זאגען, געברויכענדיג דעם אויסדרוק.

so to speak (סאו טו ספיעק) ז. *so to say*

sot'tish *a.* (סאט'-איש) דום, נאריש; איבערגעגעבען דעם טרונק, ארייננעטהאן אין שכרות.

sot'tishly *adv.* (סאט'-איש-לי) מעשה שכור; נאריש, דום, אהן שכל.

sot'tishness *n.* (סאט'-איש-נעס) דומהייט; טעמפקייט פון שכל; דאס זיין טעמפ פון שכרות; בעזויפענקייט, איבערגעבענהייט צו שכרות.

sot'to *prep.* (סאט'-טא) אונטער.

sot'to vo'ce (סאט'-טא וואו'-טשיי) מיט א נידריגען טאן, מיט אן איינגעהאלטענער שטימע.

sot'-weed *n.* (סאט'-הוויעד) טאבאק.

sou *n.* (סוה) א סו [א פראנצויזישע קופערנע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך צו אן אמעריקאנער סענט].

soubrette' *n.* (סוה-ברעט') א סוברעטין, אן אקטריסע וואס שפיעלט אדער זינגט אין לייכטע לעבעדיגע ראלען פון א קאמעדיע; אן אקטריסע וואס שפיעלט די ראלע פון א דיענסט-מיידעל אין א קאמעדיע.

soubriquet' *n.* (סוה-ברי-קיי') ז. *sobriquet*

sou'chong *n.* (סוה'-שאנג) א מין שווארצע טהעע.

souf'fle *n.* (סוהפל) — אין מעדיצין א רוישענדער קלאנג, א קלאנג ווי פון בלאזען.

souffleur' *n.* (סוה-פלויר') א סופליאר [איינער וואס זאגט אונטער די ווערטער די אקטיארען בעת'ן שפיעלען].

sough *n. and v.* (סאו) א רוישען, ברויזען אדער פייפען ווי פון ווינד; א זיפץ, אן אטהעם-צוג; רוישען, ברויזען, פייפען ווי דער ווינד.

sought (סאהט) געזוכט. ז. *seek*

sought af'ter (סאהט עפ'-טער) געווינשט, פערלאנגט.

He is a much sought after lecturer.

soul *n.* (סאול) די זעעלע, די נשמה; דער גייסט; דער תוך אדער עסענץ פון עפעס; א גייסטיגעס וועזען; דאס מענשליכע וועזען; א מענש.

soul'-blind *a.* (סאול'-בלאינד) שטאקבלינד, פאלשטענדיג בלינד.

soul'-deaf *a.* (סאול'-דעף) פאלשטענדיג טויב.

souled *a.* (סאולד) וואס האט א נשמה; מיט א נשמה, מיט א געפיהל.

soul'-fear'ing *a.* (סאול'-פיער'-אינג) וואס דערשרעקט די נשמה, וואס ווארפט אן א שרעק.

soul'ful *a.* (סאול'-פול) הארציג, נעפיהלפול, פול מיט נשמה אדער געפיהל; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

soul'fully *adv.* (סאול'-פול-אי) אויף א הארציגען אדער געפיהלפאלען אופן.

soul'fulness *n.* (סאול'-פול-נעס) הארציגקייט, געפיהל; דאס זיין פול מיט נשמה אדער געפיהל.

soul'-kill'ing *a.* (סאול'-קיל'-אינג) וואס טויטעט די נשמה; וואס רואינירט דעם גייסט.

soul'less *a.* (סאול'-לעס) אהן א זעעלע, אהן א נשמה; אהן גייסט, אהן לעבען; טויט; אהן אן אויסדרוק, וואס דריקט ניט אויס קיין געדאנק אדער געפיהל; גייסטלאז, געמיין, נידריג.

soul'lessness *n.* (סאול'-לעס-נעס) דאס זיין אהן א נשמה; דאס זיין אהן לעבען; גייסטלאזיגקייט, געמיינהייט.

soul'-sick *a.* (סאול'-סיק) גייסטיג קראנק.

soul'-vexed *a.* (סאול'-וועקסט) וואס ליידט גייסטיג.

soul'-wor'ship *n.* (סאול'-הוואיר'-שיפ) די פערגעטערונג פון גייסטער; דאס גלויבען אין דעם לעבען פון א גייסט וועלכער בלייבט נאך א פערשטארבענעם.

sound *n., a., adv. and v.* (סאונד) א קלאנג; א טאן; א פוסטער קלאנג; א זאנד [א שפיזעל-עהנליכער כירורגישער אינסטרומענט צו אונטערזוכען עפנונגען אדער רעהרען אין קערפער]; א זונד, א מעער-ענגע [א שמאלער וואסער-דורכגאנג פון איין ים צו א צווייטען אדער פון אן אינזעל צום קאנטינענט]; דער פענכער פון א פיש; א טינט-פיש; געזונד, גאנץ, ניט פערוואונדעט, געזונד אויף אלע גליעדער; עהרליך, עהרווירדיג, טאדעללאז; בעגרינדעט; גרינדליך; שטארק, פעסט, טיכטיג; אהן פעהלערען; פעהלערלאז; ריכטיג, קארעקט; לאגיש; געזעצליך; אונגעשטערט, אונאונטערבראכען [וועגען שלאף]; רעכטגלויביג, ארטאדאקסיש; היילען, מאכען געזונד; געהיילט ווערען, געזונד ווערען; גרונטעווען, מעסטען די טיעפקייט; מעסטען די טיעפקייט מיט א בליי-שנור, אראבלאזען די בליי-שנור; זיך אראבלאזען אויף'ן גרונד; פראבירען מיט א זאנד; זאנדירען, אונטערזוכען, עקזאמענירען, אויספרובירען, אויספארשען; פראבירען אדער אויספארשען אימעצענס מיינונג; קלינגען; ארויסגעבען א קלאנג; מאכען קלינגען; מאכען א גערויש, רוישען; בלאזען, טרובען; אויסקלינגען, בעקאנט מאכען, פערעפענטליכען; אויסגעקלונגען ווערען, פערעפענטליכט ווערען; שיינען צו זיין עהנליך; אויסדריקען, אויסשפרעכען; געבען א בעפעהל אדער סיגנאל דורך א געוויסען קלאנג.

sound a note of warn'ing (סאונד ע נאוט אוו הוואהרנ'-אינג) געבען אן אזהרה אדער א ווארנונג; ווארנען, מזהיר זיין.

sound asleep' (סאונד ע-סליעפ') אין א טיעפען שלאף.

sound'board *n.* (סאונד'-באורד) דאס רעזינאנץ-ברעט אדער קלאנג-ברעט פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט [אזא האלץ-ברעטעל אין א קלאוויר, ארגעל, פיעדעל, גיטארע א. ד. ג. צו פערשטארקען דעם טאן]; דאס קלאנג-ברעט אויף א בימה אדער קאנצעל [אן אנגעבויגען דעקעל איבער א בימה אדער קאנצעל צו געבען דער שטימע פון דעם רעדנער די ריכטונג צום פובליקום].

sound'-bone *n.* (סאונד'-באון) דער ביין פון א פיש, וואס געפינט זיך נעבען דעם לופט-פענכער.

sound'-bow *n.* (סאונד'-באו) דער דיקערער טייל פון ראנד ביי א גלאק, אן וועלכען עס קלאפט זיך אב דאס צינגעל.

sound'-box *n.* (סאונד'-באקס) דער רעזאנאנץ-קאסטען [די אויסהוילונג אדער פערטיעפונג אין א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וואס פערשטארקט דעם קלאנג]. ז. *resonance-box*

sound'-chest *n.* (סאונד'-טשעסט) ז. *sound-box*

soun'der *n.* (סאונ'-דער) א קלינגער, עטוואס וואס קלינגט; דער קלאפער אדער קלינגער אין א טעלעגראפישען אפאראט; אן אפאראט צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

sound'-hole *n.* (סאונד'-האול) דאס קלאנג-לאך אין א פיעדעל אדער אין אן אנדער שטרייך-אינסטרומענט.

soun'ding *n. and a.* (סאונ'-דינג) דאס מעסטען די טיעף, דאס גרונטעווען; דאס אראבלאזען זיך צום גרונד [ווי א וואלפיש, ווען ער ווערט נעטראפען פון א הארפון]; א קלאנג, א גערויש; דאס קלינגען, דאס ארויסגעבען א קלאנג אדער גערויש; קלינגענד, וואס גיט ארויס א קלאנג; וואס מאכט א גערויש; הויכקלינגענד, באמבאסטיש.

soun'ding-board *n.* (סאונ'-דינג-באורד) ז. *soundboard*

soun'ding-bot'tle *n.* (סאונ'-דינג-באט'ל) א זינק-פלאש [אזא כלי צו שעפען וואסער פון א גרויסער טיעפעניש פאר אונטערזוכונגס-צוועקען].

soun'ding-lead *n.* (סאונ'-דינג-לעד) א זינק-בליי [דאס בליי-געוויכט וואס ווערט אנגעבונדען צו א שנור צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסערען].

soun'ding-line *n.* (סאונ'-דינג-לאין) א זינק-שנור [א שנור צו וועלכען עס איז צוגעבונדען א בליי-געוויכט צו מעסטען טיעפקייטען פון וואסער].

soun'ding-machine' *n.* (סאונ'-דינג-מע-שין') א מאשין צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

soun'ding-post *n.* (סאונ'-דינג-פאוסט) אזא צילינדער-פערמיגעס שטיקעל האלץ וואס ווערט ארייננעשטעלט אין א פיעדעל אלס א שפארע פאר די ווענטלעך [פון דער פארם פון דיעזען העלצעל הענגט פיעל אב דער טאן-קלאנג פון פיעדעל].

soun'ding-rod *n.* (סאונ'-דינג-ראד) אזא אייזערנער שטאנג איינגעטיילט אין גראדען, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסער-רוים אין א שיף.

soun'dings *n.* (סאונ'-דינגז) די טיעפקייט פון וואסערען אויף וויפיעל זי ווערט אנגעצייגט דורך אויסמעסטען.

sound'less *a.* (סאונד'-לעס) קלאנגלאז, אהן א קלאנג; אהן א טאן; שטיל; שטום; אהן א גרונד, וועמעס טיעפקייט קען ניט אויסגעמאסטען ווערען.

sound'ly *adv.* (סאונד'-לי) געזונד; פעסט; שטארק; ריכטיג, לאגיש; טיכטיג; טיעף, אונאונטערבראכען, ניט געשטערט [וועגען שלאף].

sound mind (סאונד מאינד) א געזונ־טער שׂכל, א לאגישער פערשטאנד.

sound'ness *n.* (סאונד׳־נעס) געזונד־קייט; שטארקייט; גרינדליכקייט; ריכ־טיגקייט.

sound on the goose (סאונד אן טהי גוהס) ארטאדאקסאל אין מיינונגען און אנזיכטען; וואס האלט זיך פעסט פאר דאס אלגעמיין־אנגענומענע; בלינד איבער־געגעבען צו א פארטיי און צו איהרע פרינציפען.

sound'-post *n.* (סאונד׳־פאוסט) ז. ***sounding-post***

sound'-proof *a.* (סאונד׳־פרוהף) וואס לאזט ניט דורך קיין קלאנג; וואס א קלאנג קען דורך דעם ניט דורכדרינגען.

sound'-radiom'eter *n.* (סאונד׳־רייי־די־אמ׳־ע־טער) אן אפאראט וואס בע־ווייזט די מעכאנישע ווירקונג פון קלאנג־וועלען.

sound'-reg'ister *n.* (סאונד׳־רעדזש׳־איס־טער) אן אפאראט צו פערצייכנען די טענער פון א זינגענדער שטימע אדער פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט.

sound the alarm' (סאונד טהי ע־לארם׳) קלאפען טרעוואגע; שטורם בלא־זען.

sound to horse (סאונד טו האהרס) געבען א סיגנאל מען זאל זאטלען אדער זיך זעצען אויף די פערד.

sound'-wave *n.* (סאונד׳־הווייוו) א קלאנג־וועלע.

soup *n.* (סוהפ) זופ, יויך.

soupçon' *n.* (סוהפ־סאהן׳) א ביסעלע, א טראפעלע.

The patient was given a glass of water with a soupçon of brandy.

soup'-dish *n.* (סוהפ׳־דיש) א זופ־שי־סעל.

soup'-kitch'en *n.* (סוהפ׳־קיטש׳־ען) א זופ־קיך, א פאלקס־קיך [א קיך פאר ארימע לייט צו קריגען זופ אהן געלד].

soup'-la'dle *n.* (סוהפ׳־לייד׳ל) א זופ־לעפעל, א קאך־לעפעל.

soup'-mai'gre *n.* (סוהפ׳־מיי׳־גער) אזא שיטערע זופ געקאכט מיט גרינסען אדער פיש.

soup'-meat *n.* (סוהפ׳־מיעט) זופען־פלייש.

soup'-plate *n.* (סוהפ׳־פלייט) א זופ־שיסעל, א זופ־טעלער.

soup'-tick'et *n.* (סוהפ׳־טיק׳־עט) א בילעט צו קריגען אומזיסט זופ אין א פאלקס־קיך.

sou'py *a.* (סוה׳־פי) ווי זופ.

sour *a., adv., n. and v.* (סאור) זויער; בייז; שטרענג, אונפריינדליך; אין כעס, פערביטערט; נאס און קאלט [וועגען אונ־פרוכטבארער ערד]; א זויערע זאך; עט־וואס זויערעס אדער אונאנגענעהמעס; זויער מאכען; זויער ווערען; בייז ווערען, ערביטערט ווערען; בייז מאכען, ערביטע־רען; ווערען נאס און קאלט [וועגען אונ־פרוכטבארער ערד]; מאכען נאס און קאלט אדער אונפרוכטבאר [וועגען ערד].

source *n.* (סאורס) א קוועלע, א קוואל; דער מקור, דער שורש, דער אורשפרונג.

sour'-crout *n.* (סאור׳־קראוט) ז. ***sauer-kraut***

sour'det *n.* (סוהר׳־דעט) ז. ***sordine***

sourdine' *n.* (סוהר־דיען׳) ז. ***sordine***

sour'-eyed *a.* (סאור׳־איד) מיט א זויע־רען בליק; וואס קוקט אויס בייז.

sour grapes (סאור גרייפס) זאכען וועל־כע מען מאכט כלומר׳שט פאר ווערטהלאז ווייל מען קען זיי ניט ערדרייכען [לויט דעם משל פון דעם פוקס וואס האט ניט געקענט ערדרייכען די וויינטרויבען, האט ער געזאגט, אז זיי זיינען זויער].

sour'ing *n.* (סאור׳־אינג) דאס ווערען אדער מאכען זויער; דאס וואס מאכט זויער; דאס זויערען [א כעמישער פרא־צעס אין בלייכען לייווענד].

sour'ish *a.* (סאור׳־איש) זויערליך.

sour'-krout *n.* (סאור׳־קראוט) ז. ***sauer-kraut***

sour'ly *adv.* (סאור׳־לי) זויער; בייז.

sour'ness *n.* (סאור׳־נעס) זויערקייט; בייזקייט; פערביטערטקייט.

sour'-sop *n.* (סאור׳־סאפ) דער פלא־שען־בוים [א קליינער וועסט־אינדישער בוים]; די פרוכט פון דעם פלאשען־בוים [אזא גרויסע, זאפטיגע און זויערליכע פרוכט].

Sour-sop

sous *n.* (סוה) ז. ***sou***

souse *n., v. and adv.* (סאוס) מארי־נאט אדער פעקעל זופ; סאוס; געפעקעל־טעס אדער מארינירטעס; געפעקעלטע חזיר׳שע אויערען און פיס; א פלעצ־ליכער האסטיגער אנפאל אדער אנגריף; א שטורץ; אן ארויפפאל, אן ארויפווארף; א שטויס, א קלאפ, א פאטש; דאס אונ־טערטונקען אין וואסער, אן אונטערטונ־קונג; איינטונקען אין מארינאט־זופ; איינפעקלען, איינמארינירען; איינטונקען אין וואסער אדער אין אן אנדער פליסיג־קייט; בעגיסען; גיסען; שטורצען; פלוצים זיך א ווארף טהאן אויף...; אנ־פאלען; שטויסען, א קלאפ טהאן; מיט א פלעצליכען ווארף אראב, מיט א פלעצ־ליכען שטויס אראב.

sous'lik *n.* (סוהס׳־ליק) א סוסליק, אן ערד־וועווערקע [אזא קליין גריזשענדעס חיה׳לע וואס האלט זיך געוועהנליך אויף אין תבואה־פעלדער און פערוואָרזאכט זעהר פיעל שאדען].

souterrain' *n.* (סוה־טע־ריין׳) א הייל; א קעלער.

south *n., a., adv. and v.* (סאוטה) דרום, זיד, זיד־זייט, דרום־זייט; דער דרום־ווינד; זידליך, דרום־זייטיג, צום זידען, אין דרום־זייט; פון דרום; זיך בע־וועגען נאך דרום; אין אסטראנאמיע — קרייצען אירגענדוואו דעם מערידיאן [וועגען א פלאנעט].

South *n.* (סאוטה) די דרום־שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע־ריקא.

south'east *n., a. and adv.* (סאוטה׳־איעסט׳) דער זיד־אסט [די געגענד וואס איז צווישען דרום און מזרח]; דרומית־מזרחית; צווישען דרום־זייט און מזרח־זייט; צום אדער פון זיד־אסט.

south'eas'ter *n.* (סאוטה׳־איעס׳־טער) א זיד־אסטליכער ווינד אדער שטורם.

south'eas'terly *a. and adv.* (סאוטה׳־איעס׳־טער־לי) זיד־אסטליך; וואס ליגט אין זיד־אסט, וואס געהט צו זיד־אסט, וואס קומט פון זיד־אסט; צום אדער פון זיד־אסט.

south'eas'tern *a.* (סאוטה׳־איעס׳־טערן) זיד־אסטליך, וואס ליגט אין זיד־אסט.

south'east'ward *adv.* (סאוטה׳־איעסט׳־הווארד) צום זיד־אסט צו.

south'east'wardly *adv.* (סאוטה׳־איעסט׳־הווארד־לי) ז. ***southeastward***

sou'ther *n. and v.* (סאו׳־טהער) א דרום־ווינד; זיך ווענדען צו דרום צו [וועגען א ווינד אדער לופט־וועלע].

south'erliness *n.* (סאטה׳־ער־לי־נעס) זידליכקייט, דאס זיין זידליך.

south'erly *a., adv. and n.* (סאטה׳־ער־לי) זידליך, וואס ליגט אין זידען [דרום], וואס קומט פון דרום; צו דרום צו; די לאנג־עקיגע ענטעל [ז. ***south-southerly***].

south'ermost *a.* (סאטה׳־ער־מאוסט) ז. ***southernmost***

south'ern *a. and n.* (סאטה׳־ערן) זיד־ליך, דרום׳דיג; פון דרום; א געבארענער אדער איינוואהנער פון דרום.

south'erner *n.* (סאטה׳־ער־נער) אן איינוואהנער פון די זידליכע געגענדען; אן איינוואהנער פון די זיד־שטאאטען פון נארד־אמעריקא.

south'ern hem'isphere (סאטה׳־ערן העמ׳־אי־ספיער) די זידליכע העלפט פון דעם ערד־קוגעל.

south'ernism *n.* (סאטה׳־ערנ־איזם) א ווארט אדער אויסדרוק וואס איז איינגע־טימליך פאר די זידליכע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

south'ernize *v.* (סאטה׳־ערנ־איז) פער־זידליכען, איינפלאנצען די אידעען אדער די איינגעשאפטען פון דעם זידען; פער־זידליכט ווערען, דורכנעדרונגען ווערען מיט די אידעען אדער איינגעשאפטען פון זידען.

south'ernmost *a.* (סאטה׳־ערנ־מאוסט) זידליכסט, אין סאמע זיד־זייט, אין סאמע דרום־זייט.

South'ern States (סאטה׳־ערן סטייטס) די זידליכע שטאאטען פון די פעראייניג־טע שטאאטען פון אמעריקא [בעזאנדערס די שטאאטען אין וועלכע עס האט גע־הערשט נעגער־שקלאפעריי].

south'ernwood *n.* (סאטה׳־ערנ־הוואוד) אזא שטרויך־ביימעל מיט זעהר שעהנע בלעטער, וועלכעס גיט ארויס פון זיך זעהר אן אנגענעהמען ריח.

sou'thing *n.* (סאו׳־טהינג) די זידליכע ריכטונג, די ווענדונג צו דרום־זייט; די צייט ווען די לבנה אדער אן אנדער הימ־מעלס־קערפער געהט דורך דעם מערידיאן אין וועלכען עס איז פלאץ; דער מרחק אדער די שטרעקע פון א הימעלס־קערפער אין דרום־זייט פון עקוואטאר; דער מרחק אדער שטרעקע זידליך געמאסטען פון א מערידיאן.

south'land *n. and a.* (סאוטה׳־לענד) דאס זיד־לאנד; א לאנד אין דרום; זיד־לענדיש.

south'ly *adv.* (סאוטה'-לי) זידליך, צו דרום צו

south'most *a.* (סאוטה'-מאוסט) אם זידליכסטען; אין דער ווייטסטער ריכטונג צו דרום צו.

south pole (סאוטה פאול) דער זיד=פאל.

south'ron *n. and a.* (סאטה'-ראן) א זידלענדער, אן איינוואוהנער פון די זידליכע געגענדען פון א לאנד; זידליך, פון דרום.

south'-see'king *a.* (סאוטה'-סיע'-קינג) וואס בעוועגט זיך אדער ווענדעט זיך צו דרום=זייט [ווי דער ענד פון א מאגנעט=נאדעל].

south'-south'erly *n.* (סאוטה'-סאטה'-ער-לי) די לאנג=עקיגע ענטעל [אזא קאטשקע מיט א לאנגען עק].

south'ward *a., adv. and n.* (סאוטה'-הווארד) זידליך, דרום=זייטיג; צום זידען, אין דרום=זייט; דער דרום, די זידליכע געגענד, די דרום=זייט; דער זידליכער ענד.

south'wardly *a. and adv.* (סאוטה'-הווארד-לי) זידליך, דרום=זייטיג; צום זידען, קיין דרום=זייט.

south'wards *adv.* (סאוטה'-הווארדז) צו דרום צו, אין דער זידליכער ריכטונג.

south'west' *n., a. and adv.* (סאוטה'-הוועסט') זיד=וועסט, די געגענד אדער דער פונקט צווישען דרום=זייט און מערב=זייט; א זיד=וועסט ווינד; דרומית=מערבית; פון זיד=וועסט; צום זיד=וועסט, קיין זיד=וועסט.

south'wes'ter *n.* (סאוטה'-הוועס'-טער) א זיד=וועסט ווינד; א שטורם=קאפע [א הוט וואס איז געמאכט פון א וואסערדיכטען שטאף מיט א ברייטען ראנד פון הינטען צו בעשיצען דעם האלז פון רעגען, ווי דאס טראגען די פישער אדער אנדערע זעע=לייט].

south'wes'terly *a. and adv.* (סאוטה'-הוועס'-טער-לי) זיד=וועסטליך; וואס קומט פון זיד=וועסט; צו זיד=וועסט, אין א זיד=וועסטליכער ריכטונג.

south'wes'tern *a.* (סאוטה'-הוועס'-טערן) זיד=וועסטליך; פון זיד=וועסט; וואס איז געריכטעט צו זיד=וועסט.

south'west'ward *a. and adv.* (סאוטה'-הוועסט'-הווארד) זיד=וועסטליך; צו זיד=וועסט צו.

south'west'wardly *adv.* (סאוטה'-הוועסט'-הווארד-לי) צו זיד=וועסט צו.

souvenir' *n.* (סוה-ווע-ניער') א סוועניר, אן עראינערונגס=צייכען, אן אנדענקונגס=צייכען.

sou''wes'ter *n.* (סאו'-הוועס'-טער) א פערקירצונג פון *southwester*

sov'ereign *a. and n.* (סאוו'-ע-ריין) סואווערען, אונבעשרענקט, וואס האט די העכסטע מאכט; אלערהעכסט; קעניגליך, פרינצליך; בעפעהלענד; גרויסארטיג, אויסגעצייכענט; העכסט ווירקזאם [וועגען מעדיצין]; א הערשער, א בעפעהלער; א מאנארך, א קעניג, א קייזער; א קעניגין, א קייזערין; א סאווריין [אן ענגלישע גאלדענע מטבע פון 1 פונט אדער 20 שילינג וואס האט דעם ווערטה פון אמעריקאנער 4 דאלאר און 84 סענט]

sov'ereignly *adv.* (סאוו'-ע-ריינ-לי) אין העכסטען גראד; אויסערארדענטליך; מיט אונבעשרענקטקייט; אזוי ווי א סואווערען אדער הערשער.

sov'ereign pow'er (סאוו'-ע-ריין פאו'-ער) די אלערהעכסטע מאכט אין א לאנד.

sov'ereign rem'edy (סאוו'-ע-ריין רעמ'-ע-די) אן אויסגעצייכענטע רפואה.

sov'ereign state (סאוו'-ע-ריין סטייט) א סואווערענער שטאאט, אן אונאבהענגיגער שטאאט.

sov'ereignty *n.* (סאוו'-ע-ריינ-טי) סואווערעניטעט, אויבערהערשאפט; די העכסטע מאכט; די אונבעשרענקטקייט; די העכסטע ווירקזאמקייט אדער הייל=קראפט [פון א מעדיצינישען מיטעל].

sov'ran *a. and n.* (סאוו'-רען) ז. *sovereign*

sow *v.* (סאו) זייהען; פערשפרייטען, פערברייטען; בעזייהען, בעשטרייען; בעשפרענקלען.

sow *n. and a.* (סאו) א חזיר'טע, א נקבה פון א חזיר; א חזיר=לויז; א קאנאל אדער רינע דורך וועלכער עס פליסט דאס געשמאלצענע מעטאל פון שמעלץ=אויווען אין די גרויסע פורעמס, וואו עס ווערען אבגעגאסען גרויסע קלומפעס; א גרויסעס אונפערמינעס שטיק גוס=מעטאל; אזא בעוועגליכער שוץ=דאך וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען - פאר מיליטערישע צוועקען; א בעוועגליכער שוץ=דאך וואס קויהלען=גרעבער אדער בערג=ארבייטער בענוצען; ווייבליך [בעזאנדערס וועגען פיש].

sow'back *n.* (סאו'-בעק) א נידריגער און עטוואס שארפער רוקען פון א בערגעל פון אנגעשאטענעם זאמד אדער שטיינדלעך.

sow'bane *n.* (סאו'-ביין) דער מויער=גענזען=פוס [אזא פלאנצע וואס ווערט געהאלטען אלס זעהר שעדליך פאר חזירים].

sow'bread *n.* (סאו'-ברעד) שווינען=ברויט [אזא בלומען=פלאנצע, וועלכע ווערט גערן געגעסען פון חזירים].

sow'-bug *n.* (סאו'-באג) א שווין=לויז. ז. *hog-louse*

sow'er *n.* (סאו'-ער) א זייהער, א זייה=מאשין; איינער וואס זייהט; א פערשפרייטער, א פערברייטער.

sow'-gel'der *n.* (סאו'-געל'-דער) איינער וואס מאכט א חזיר'טע אונפרוכטבאר, צו פערבעסערען איהר פלייש און מאכען זי פעטער.

sow'ing *n.* (סאו'-אינג) דאס זייהען; דאס געזייהטע; דאס פערשפרייטען, דאס פערברייטען.

sow'ing-machine' *n.* (סאו'-אינג-מע-שין') א זייה=מאשין.

sown (סאון) געזייהט; פערשפרייט. ז. *sow*

sow one's wild oats (סאו הוואנז הוואילד אוטס) שטארק א לעב טהאן אין די יונגע יאהרען, הולטאיעווען אין דער יוגענד.

sow'skin *n.* (סאו'-סקין) חזיר=לעדער.

sow the sand (סאו טהי סענד) זייהען אין זאמד, טהאן אן אוננוציגע ארבייט.

sow'-this'tle *n.* (סאו'-טהיס'ל) די שווין=דיסטעל [אזא ווילדע פעלד=פלאנצע, וועלכע האט אין זיך א מילך=זאפט און אויף וועלכער עס וואקסען קליינע געלבע בלומען=קעפלעך].

soy *n.* (סאי) סאיא=באב; סאוס פאר פיש אדער פלייש געמאכט פון סאיא=באב.

soy'-bean *n.* (סאי'-ביען) סאיא=באב [אזא פלאנצע אין יאפאן און נארד=אינדיען, אויף וועלכער עס וואקסט א מין באב, וואס ווערט פיעל געברויכט אין שפייזען און פון וועלכע עס ווערט אויך פאבריצירט אויל].

soz'zle *v. and n.* (סאזל) פערשלומפערען; בעשפריצען מיט בלאטע, פערפאטשקען; א מישמאש, א שלומפעריי, א חזיר'שע אונארדנונג.

soz'zly *a.* (סאז'-לי) פערשלומפערט; נאכלעסיג, אבגעלאזען.

Sp. אן אבקירצונג פון *Spanish*

S. P. ראשי תבות פון *Socialist party*

spa *n.* (ספא) א מינעראל=קוועלע, א קוועלע פון מינעראל=וואסער.

space *n. and v.* (ספייס) דער רוים; דער שטח, די אויסדעהנונג; דער אבשטאנד, דער מרחק אדער דיסטאנץ צווישען צוויי געגענשטענדע; דער צווישען=רוים; א צייט=רוים, די צייט=דויער צווישען איין פאסירונג און א צווייטער; א קורצע ווייל, א מאמענט; א פאסענדע געלעגענהייט; אין דרוקעריי — א שפאצע [א בליי=שטיקעל וואס ווערט אריינגעשטעלט צווישען די בוכשטאבען אין דרוק=שריפט]; דער רוים צווישען די נאטען=ליניען; צו=שפאצען [מאכען ליידיג ארט צווישען בוכשטאבען אין דרוק=שריפט].

space'-band *n.* (ספייס'-בענד) די שפאצע, אזא שטאלענער קלין, וואס שטעלט זיך אריין צווישען די מאטריצען [די פורמס פאר די בוכשטאבען אין א שריפטזאץ=מאשין].

Space-band

space'ful *a.* (ספייס'-פול) ברייט, אויסגעדעהנט; מיט א ברייטען שטח.

space'less *a.* (ספייס'-לעס) אהן רוים.

space'-line *n.* (ספייס'-לאין) א דורכשוס=ליניע אדער שפאנע [א דין בליי=בלעכעל, וואס ווערט אריינגעשטעלט צווישען די שורות פון שריפט=זאץ, כדי צו מאכען זיי שיטערער].

space of time (ספייס אוו טאים) א געוויסע צייט=דויער

space'-percep'tion *n.* (ספייס'-פער-סעפ'-שאן) דאס בעגרייפען אדער בעמערקען דעם רוים [ד. ה. די קערפער אין זייער אויסדעהנונג און בעוועגונג].

space'-rela'tion *n.* (ספייס'-רי-ליי'-שאן) דאס רוים=פערהעלטניס.

space'-rule *n.* (ספייס'-רוהל) אין דרוקעריי — א דין בליי=בלעכעל, אויף וועלכען עס דרוקט זיך אב א ליניע.

space'-wri'ter *n.* (ספייס'-ראי'-טער) א שרייבער אין א צייטונג אדער זשורנאל, וועלכער בעקומט געצאהלט לויט דעם פלאץ וואס זיין ארטיקעל פערנעהמט [לויט דער צאהל צייטונגס=שפאלטען, שורות אדער ווערטער].

space'-wri'ting *n.* (ספייס'-ראי'-טינג) די סיסטעם פון בעצאהלען א שרייבער לויט דעם פלאץ וואס זיין ארטיקעל פערנעהמט אין צייטונג אדער זשורנאל [לויט דער צאהל שפאלטען, שורות אדער ווערטער].

spa'cial *a.* (ספיי'-שעל) ז. *spatial*

spa'cing *n.* (ספיי'-סינג) דאס פאנאנדער=שפאצען, דאס מאכען לעדיג ארט צווישען בוכשטאבען אדער ווערטער אין דרוק=שריפט; דאס צוטיילען א שטח אדער אויבערפלעכע אין בעזונדערע טיילען.

spa'cious *a.* (ספיי'-שאס) געראם, ברייט.

spa'ciously *adv.* (ספיי'-שאס-לי) אויף א ברייטען, געראמען שטייגער.

spa'ciousness *n.* (ספיי'-שאס-נעס) גערעמקייט, ברייטקייט.

spad'assin *n.* (ספעד'-ע-סין) איינער וואס קען גוט פעכטען מיט א שווערד.

spade *n. and v.* (ספייד) א רידעל, א לאפעטע, א גראב=אייזען; פיק אדער גרין [אין קארטען]; א סרים, א יעוונוך [א קאסטרירטער מאנסביל]; א קאסטרירטע בהמה אדער חיה; גראבען מיט א רידעל אדער גראב=אייזען.

spade'-farm *n.* (ספייד'-פארם) לאנד וואס ווערט בעארבייט מיט א רידעל אדער גראב=אייזען.

spade'ful *n.* (ספייד'-פול) א פולע לאפעטע אדער רידעל [וויפיעל מען קען אנגעהמען מיט א לאפעטע אדער רידעל].

spade'-han'dle *n.* (ספייד'-הענ'דל) דאס הענטעל פון א לאפעטע אדער רידעל.

spade'-hus'bandry *n.* (ספייד'-האז'-בענד-רי) דאס בעארבייטען די ערד מיט א לאפעטע אדער רידעל אנשטאט אז אקער=אייזען.

spa'der *n.* (ספיי'-דער) איינער אדער עפעס וואס גראבט; א גראב=מאשין.

spadi'ceous *a.* (ספע-דיש'-יאס) אין באטאניק — ווי א בליטהען=קאלבע. ז. *spadix*

spadil'io *n.* (ספע-דיל'-יאו) ז. *spadille*

spadille' *n.* (ספע-דיל') די שפאדילע, די טויז פיק אדער גרין [אין געוויסע קארטען=שפיעלען].

spa'dix *n.* (ספיי'-דיקס) אין באטאניק — די בליטהען=קאלבע, א בליהונגס=פארם פון געוויסע פלאנצען, וואו די בליטהען זיינען צוזאמענגעזעצט אין איין קעפעל מיט א דיקען בלומען=אקס.

spado'ne *n.* (ספע-דאו'-נע) אזא גרויסע שווערד מיט א ברייטען קלינג.

spaghet'ti *n.* (ספע-געט'-טי) אזא זארט איטאליענישע לאקשען אדער מאקאראנען.

spa'hee *n.* (ספא'-היע) א טערקישער קאוואלעריסט; א קאוואלעריסט פון דעם פראנצויזישען מיליטער אין אלזשיר.

spall *v. and n.* (ספאהל) צושפאלטען אויף שטיקער; א שפאן; א שפליטער.

spalt *v. and n.* (ספאהלט) אבשפאלטען; אזא ווייסער מינעראל וואס שפאלט זיך אויף בלעטלעך.

span *n. and v.* (ספען) א שפאן, די שטרעקע צווישען דעם אויסגעצויגענעם גראבען פינגער און דעם מעזינעק [דער קליינער פינגער] פון דער האנד; א קליינע שטרעקע; א קליינער אינטערוואל; אין ארכיטעקטור — די שטרעקע צווישען די זיילען וואס שטיצען אונטער אן ארקע; א געשפאן פון א פאר פערד וואס זיינען עהנליך צווישען זיך לויט זייער קאליר און גרויס; א געשפאן פון צוויי אדער עטליכע אקסען; דאס וואס פערבינדט אדער ציהט צוזאמען; א פענטע פון א פערד; מעסטען מיט'ן שפאן; אויסציהען פון איין פונקט ביז'ן צווייטען; צוזאמענציהען, צוזאמענבינדען; צופאסען איינעם צום צווייטען [וועגען א פאר פערד]; שפאנען, געהן פארווערטס טריטוויין; איינשפאנען [ווי א פערד אין א קארעט].

spanæ'mia *n.* (ספע-ניע'-מי-א) ז. *spanemia*

span'drel *n.* (ספענ'-דרעל) אין ארכיטעקטור — דער דריי=עק וואס בילדעט זיך אויס צווישען דער אויבערשטער האריזאנטאלער ליניע פון דער וואנד און ביידע געגענזייטיגע בויגענס פון צוויי ארקען.

Spandrel

spane'mia *n.* (ספע-ניע'-מי-א) בלוט=ארעמקייט; שיטערקייט פון בלוט; דאס האבען צופיעל וואסער אין בלוט. ז. *hydremia*

span'gle *n. and v.* (ספענגל) א פליטערעל, א בלישטשענדעס שטיקעל מעטאל; בעפליטערען, בעשיטען מיט פליטערלעך; בעשפרענקלען; בעזעצען, בעציערען [מיט פליטערלעך].

span'gled *a.* (ספענגלד) בעפוצט מיט פליטערלעך, בעשפרענקעלט, בעשאטען מיט בלישטשענדע שטיקעלעך מעטאל.

span'gled skies (ספענגלד סקאיז) די אויסגעשטערענטע הימלען.

span'gler *n.* (ספענ'-גלער) איינער וואס בעציערט אדער בעפוצט עפעס מיט פליטערלעך.

span'gly *a.* (ספענ'-גלי) וואס בלישטשעט ווי מיט פליטערלעך.

Span'iard *n.* (ספענ'-יארד) א שפאניער, איינער פון שפאניען.

span'iel *n. and a.* (ספענ'-יעל) דער וואכטעל=הונד [א געוועהנליכער הויזהונד מיט לאנגע ווייכע און געקרייזעלטע האר, מיט לאנגע אראבהענגענדע אויערען און מיט אן עק בעוואקסען מיט לאנגע האר]; א שמייכלער, א חונף, אן אונטערלעקער; שמייכלעריש; אונטערלעקענד.

Span'iolize *v.* (ספענ'-אי-א-לאיז) ז. *Hispaniolize*

Span'ish *a. and n.* (ספענ'-איש) שפאניש; וואס איז שייך צו שפאניען אדער צו די שפאניער; די שפאנישע שפראך.

Span'ish bay'onet (ספענ'-איש ביי'-א-נעט) אן ארט דרום=אמעריקאנישע פאלמען=עהנליכע פלאנצע מיט לאנגע שווערדען=פערמיגע בלעטער.

Spanish Bayonet

Span'ish dag'ger (ספענ'-איש דעג'-ער) ז. *Spanish bayonet*

Span'ish fly (ספענ'-איש פלאי) א שפאנישע פליעג [אזא פליעג וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס אן אנרייסענדער פלאסטער].

Span'ish main (ספענ'-איש מיין) דער צפון=מזרח'דיגער ברעג פון דרום=אמעריקא צווישען פאנאמא און דעם אויסגוס פון דעם טייך ארינאקא.

Span'ish pota'to (ספענ'-איש פא-טיי'-טאו) ז. *sweet-potato*

spank *v. and n.* (ספענק) קלאפען [מיט דער האנד=פלעכע]; פליאסקען; פאטשען אין תחת; שמייסען; טרייבען; זיך יאגען; זיך טראגען געשווינד; א פאטש אין תחת.

span'ker *n.* (ספענ'-קער) איינער וואס נעהט מיט גרויסע שנעלע טריט; א שנעללויפענדעס פערד, א ריסאק; עפעס זעהר גרויסעס; עפעס וואס האט אן אונגעוועהנליכע מאס; דאס ביזאן=זעגעל [איינס פון די זעגלען אויף א שיף].

span'king *a. and n.* (ספענ'-קינג) זעהר גרויס, אנזעהנליך; מיט גרויסע שנעלע טריט; דאס פליאסקען, דאס פאטשען מיט דער האנד=פלעכע [דלאניע].

span'less *a.* (ספענ'-לעס) וואס קען ניט געמאסטען ווערען מיט'ן שפאן.

span'-long *a.* (ספענ'-לאהנג) וואס איז א שפאן לאנג.

span'ner *n.* (ספענ'-ער) אן אינסטרומענט אדער געצייג צום אנציהען אדער צו האלטען אנגעצוינען אדער געשפאנט; א קוועער=באלקען, א שפאן=באלקען; א שרויפען=ציהער אדער שרויפען=שליסעל; א שפאן=ווארם [א ווארם וואס בעוועגט זיך פארווערטס איינציהענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך ווי שפאנענדיג. ז. *spanworm*].

span'-new *a.* (ספענ'-ניו) שפאנעל=ניי.

span'worm *n.* (ספענ'-הוואירם) א שפאן=ווארם [איינער פון די אינזעקטען=לארווען, וועלכע בעוועגען זיך פארווערטס איינציהענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך ווי שפאנענדיג].

Spanworm

spar *n. and v.* (ספאר) א [דער שפאט גלאז=ארטיגער קריסטאל=פערמיגער מינעראל]; דער ספאר [אזא ווייסער פיש פון אטלאנטישען אקעאן]; אויף א שיף — א רונדער באלקען וואס דיענט פאר א מאסט אדער פאר א ראהע [דער קווער=הענגענדער באלקען, צו וועלכען עס איז צוגעפעסטיגט א זעגעל] א. ד. ג.; די איבונג אין באקסער אדער פויסטען=קאמפף; באקסירען, זיך שלאגען מיט די פויסטען [אין א וועט=קאמפף]; זיך צאנקען, זיך קריגען; זיך שלאגען [ווי העהנער מיט די שפארען]; בעזארגען א שיף מיט רונדע באלקענס פאר מאסטען אדער ראהען.

spar'able *n.* (ספער'-עבל) א מין טשוועקלעך אהן קעפלעך, מיט וועלכע מען שלאגט אן זוילען אדער פאדעשוועס אויף שיך.

spar'adrap *n.* (ספער'-ע-דרעפ) אין מעדיצין — א לייווענטענער אדער פאפיערענער פלאסטער.

spare *v., a. and n.* (ספעהר) .1 שפארען, ערשפארען, אבשפארען; לעבען קארג; .2 שוינען; .3 שפארזאם; .4 גענוגזאם; מאגער; .5 איבריג; אנגעגרייט, זאפאסנע; .6 דאס שפארען, שפארזאמקייט; .7 אין קעגעל־שפיעל — דאס אנידערווארפען אלע קעגעל דורך דעם ראלען פון צוויי באלען.
2. Spare the rod and spoil the child. 4. He ate a spare breakfast in our cottage. 5. We have a spare room for guests.

spare for (ספעהר פאר) אבשפארען, פערהיטען, זשאלעווען [צוליעב עפּעס].

spare for noth'ing (ספעהר פאר נאטה'-אינג) אויף קיין זאך ניט קארגען; גאר נישט זשאלעווען.

spare'ly *adv.* (ספעהר'-לי) קארגליך.

spare'-mast *n.* (ספעהר'-מעסט) א רעזערוו־מאסט [אויף א שיף].

spare'ness *n.* (ספעהר'-נעס) מאגערקייט; קנאפקייט.

spar'er *n.* (ספעהר'-ער) א שפארער; א גוטער עקאנאם.

spargano'sis *n.* (ספאר-נע-נאו'-סיס) ז. *spargosis*

sparge *v.* (ספארדזש) בעשפרענקלען, בעשפריצען.

spargefac'tion *n.* (ספאר-דזשי-פעק'-שאן) דאס בעשפרענקלען, דאס בעשפריצען.

spar'ger *n.* (ספאר'-דזשער) א שפריצער [ווי צו בעשפריצען פאפיער, קליידער ד. ד. ג.].

spargo'sis *n.* (ספאר-גאו'-סיס) אין פאטאלאגיע — אן אויפשוועלונג פון די בריסט מיט מילך.

spar'ing *a. and n.* (ספעהר'-אינג) שפארזאם, גענוגזאם; קנאפ; קארג; שפארזאמקייט, קארגשאפט.

spar'ingly *adv.* (ספעהר'-אינג-לי) קארגענדיג; אויף א קארגען, קנאפען שטייגער.

spar'ingness *n.* (ספעהר'-אינג-נעס) שפארזאמקייט; קארגקייט.

spark *n. and v.* (ספארק) א פונק; א דימענטעל [אין אן איינפאסונג]; א לעבעדיגער, לוסטיגער יונג; א פראנט, א נאלאנטער קאוואליער; פונקען, שפריצען מיט פונקען, ארויסלאזען פונקען; אוכאזשעווען, זיך שדכנ'ען; פראנטעווען, ארויסשטעלען זיך פאר א גאלאנטען קאוואליער.

spar'kish *a.* (ספאר'-קיש) מונטער, לעבעדיג; געפוצט, פראנטיש.

spar'kle *n. and v.* (ספארקל) א פונק; דאס פינקלען; פונקען, פינקלען; גלענצען.

spark'ler *n.* (ספארק'-לער) איינער אדער עפעס וואס פינקעלט אדער שיינט.

spark'less *a.* (ספארק'-לעס) אהן פונקען; וואס לאזט ניט ארוים קיין פונקען.

spark'lessly *adv.* (ספארק'-לעס-לי) ניט ארויסלאזענדיג קיין פונקען.

spark'ling *a.* (ספארק'-לינג) פינקלענד, גלענצענד; שוימענד, וואס שוימט [ווי וויין].

spark'ling champagne' (ספארק'-לינג שעם-פיין') שוימענדער שאמפאניער.

spark'lingly *adv.* (ספארק'-לינג-לי) פינקלענדיג; מיט גלאנץ.

spark'lingness *n.* (ספארק'-לינג-נעס) פינקעלדיגקייט, גלאנץ.

sparks of wit (ספארקס אוו הוויט) וויציגע איינפעלע.

spar'ling *n.* (ספאר'-לינג) א סטינט, א סטינקע [אזא קליין פישעל].

spar'rer *n.* (ספאר'-ער) א באקסער, א פויסטען־שלעגער [אין וועט־קאמפף].

spar'row *n.* (ספער'-או) א שפערלינג, א וואראבייטשיק.



Sparrow

spar'row-grass *n.* (ספער'-או-גרעס) ז. *asparagus*

spar'row-hawk *n.* (ספער'-או-האהק) א קליינער פאלק־פויגעל אדער סאקאל, וואס ערנעהרט זיך מיט קליינע פויגעלעך, ווי שפערלינגע א. ד. ג.

spar'row-tail *n. and a.* (ספער'-או-טייל) ז. *swallowtail*

spar'ry *a.* (ספאר'-אי) שפאט־פערמיג. ז. *spathose*

sparse *a.* (ספארס) שיטער, צושפרייט, פאנאנדערגעווארפען.

sparse'ly *adv.* (ספארס'-לי) אויף א שיטערען, צושפרייטען אדער פאנאנדערגעווארפענעם שטייגער.

sparse'ness *n.* (ספארס'-נעס) שיטערקייט, צושפרייטקייט, פאנאנדערגעווארפענקייט.

spar'sity *n.* (ספאר'-סי-טי) שיטערקייט, צושפרייטקייט.

Spar'tan *a. and n.* (ספאר'-טען) ספארטאניש; וואס געהערט צו ספארטא [א געגענד אין פארצייטיגען גריכענלאנד]; א ספארטאנער, אן איינוואהנער פון ספארטא.

Spar'tanism *n.* (ספאר'-טען-איזם) ספארטאניזם, ספארטאנישער גייסט; שטארקייט, מוטה.

spar'terie *n.* (ספאר'-טער-אי) געפלאכטענע ארבייט פון עספארטא־גראז. ז. *esparto*

Spar'tiate *n.* (ספאר'-טי-אייט) א ספארטיאט, א ספארטאנער [אן איינוואהנער פון ספארטא].

sparve *n.* (ספארוו) א שפערלינג. ז. *sparrow*

spasm *n.* (ספעזם) קראמפף, ספאזמען.

spasmat'ic *a.* (ספעז-מעט'-איק) ז. *spasmodic*

spasmat'ical *a.* (ספעז-מעט'-אי-קעל) ז. *spasmodic*

spasmod'ic *a.* (ספעז-מאד'-איק) קראמפפהאפט, ספאזמיש.

spasmod'ical *a.* (ספעז-מאד'-אי-קעל) ז. *spasmodic*

spasmod'ically *adv.* (ספעז-מאד'-אי-קעל-אי) מיט שטארקע קרעמפפען אדער ספאזמען.

spasmol'ogy *n.* (ספעז-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קראמפף אדער ספאזמען.

spas'mus *n.* (ספעס'-מאס) ז. *spasm*

spas'tic *a.* (ספעס'-טיק) ז. *spasmodic*

spas'tically *adv.* (ספעס'-טי-קעל-אי) מיט ספאזמען; דורך קראמפף.

spastic'ity *n.* (ספעס-טיס'-אי-טי) קראמפפהאפטיגקייט; דאס האבען א נייגונג צו ספאזמען.

spat *v. and n.* (ספעט) לייכט קלאפען אדער פליאסקען; שלאגען; זיך האמפערען, זיך קריעגען; ארויסווארפען רויגען אדער איקרע [וועגען א זשעלע־פיש]; בעשמוצען, בעפלעקען; א צאנקעריי, מחלוקות, קריעג; רויגען אדער איקרע [פון אן אויסטער]; א פליאסק, א לייכטער פאטש מיט דער האנד; א גרויסער רעגען־טראפען; געשפיגען [ז. *spit*].

spatch'-cock *n.* (ספעטש'-קאק) א נאר וואס געקוילעטע און געבראטענע הוהן.

spa'tha *n.* (ספיי'-טהא) א לאנגע, שווערע, צווייזייטיגע שווערד; אין באטאניק — א ברייטעס און קאלירטעס בלעטעל אויף דעם שטענגעל פון א בלום. ז. *bract*

spathe *n.* (ספייטה) אין באטאניק — א ברייטעס און אפט קאלירטעס בלאט, וואס וויקעלט איין די בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*

spathed *a.* (ספייטהד) אין באטאניק — וואס האט א ברייטען און אפט קאלירטען בלאט, אין וועלכען עס איז איינגעוויקעלט די בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*

spath'ic *a.* (ספעטה'-איק) אין מינעראלאגיע — שפאטיש, עהנליך צו שפאט [וועגען מינעראלען, וואס שפאלטען זיך אויף דינע פלאטען].

spa'those *a.* (ספיי'-טהאוס) אין באטאניק — עהנליך צו דעם אויבערשטען בלאט פון דער בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*

spath'ose *a.* (ספעטה'-אוס) אין מינעראלאגיע — שפאט־פערמיג; וואס האט די איינגענשאפטען פון שפאט [וועגען מינעראלען, וועלכע שפאלטען זיך אויף דינע פלאטען].

spa'thous *a.* (ספיי'-טהאס) עהנליך צום אויבערשטען בלאט פון דער בליטהען־קאלבע. ז. *spathose*

spa'tial *a.* (ספיי'-שעל) רוימליך, וואס איז שייך צו רוים אדער ארט.

spatial'ity *n.* (ספיי-שי-על'-אי-טי) רוימליכקייט; אויסגעצויגענקייט אין רוים.

spa'tially *adv.* (ספיי'-שעל-אי) בנוגע צו רוים.

spatil'omancy *n.* (ספע-טיל'-א-מענ-סי) דאס נביאות־זאגען לויט די סמנים פון צאה אדער טינוף פון חיות.

spat'ter *v. and n.* (ספעט'-ער) בעשפריצען מיט שמוץ; בעשפייען; בעפלעקען, פערלוימדען; בעשפריצט ווערען, בעפלעקט ווערען; בעשפריצונג, בעפלעקונג; דער קלאנג פון פאלענדע שפריץ־טראפענס; א שפריץ, א שפיי; א פלעק פון א שפריץ.

spat'terdashes *n.* (ספעט'-ער-דעש-עז) קאמאשען, כאליעוועס.

spat'ter-dock *n.* (ספעט'-ער-דאק) ז. *pond-lily*

spat'terwork *n.* (ספעט'-ער-הוואירק) שפריץ־ארבייט, דאס מאכען פיגורען אויף א זאך דורך שפריצען אויף איהר א געוויסען פארב־שטאף; די זאכען וואס ווערען אויסגעארבייט אויף אזא אופן.

spat'tle *n.* (ספעטל) שפייעכץ; א קליינע לאפעטקע וואס ווערט בענוצט צו בעשמיערען א פלאסטער; אין טעפעריי — אן אינסטרומענט צו בעשפרענקלען א כלי מיט א פארבענדען שטאף.

spat'ula *n.* (ספעט'-יו-לא) א שפאטעל [אזא לעפעל־עהנליכע לאפעטקע וואס ווערט בענוצט צו שמירען פלאסטער]; די לאפעטקע פון קוכער אדער בעקער,

מיט וועלכער ער קעהרט איבער די זאך וואס באקט זיך; אין כירורגיע — אזא לעפעל־פערמיגער אינסטרומענט ארונטער־צודריקען דעם צונג בייםֿ אונטערזוכען אדער ביי אן אפעראציע.

spat'ulamancy *n.* (ספעט'־יו־לע־מענ־סי) דאס נביאות זאגען לויט די סמנים פון דער לאפעטקע פון א שעפס.

spat'ular *a.* (ספעט'־יו־לאר) ז. ***spatulate***

spat'ulate *a.* (ספעט'־יו־לייט) וואס האט די פארם פון א שפאטעל. ז. ***spatula***

spat'uliform *a.* (ספעט'־יו־לי־פארם) שפאטעל־פערמיג, עהנליך צו א שפאטעל. ז. ***spatula***

spav'in *n.* (ספעוו'־אין) א געשוויר אדער אנוואוקס ביי א פערד אויף'ן הינטערשטען פוס.

spav'ined *a.* (ספעוו'־אינד) מיט א מכה אויף'ן פוס [ווענען א פערד]; היני־קעדיג.

spawl *v. and n.* (ספאהל) שפייען; שפייעכץ.

spawn *n., v. and a.* (ספאהן) רויגען אדער איקרע [פון פיש]; די אייער פון זשאבעס; די ברוט, די אויסבריהונג; ארויסלאזען איקרע אדער רויגען [ווענען דער נקבה פון פיש]; ארויסקומען; ארויס־ברייגנען, געבעהרען; וואס ענטהאלט רוי־גען אדער איקרע.

spaw'ner *n.* (ספאה'־נער) א רויגען־פיש [די נקבה פון פיש]; א בעשעפעניש וואס ווארפט אב רויגען אדער איקרע [ווי א פראש, אן אויסטער א. ד. ג.].

spaw'ning *n.* (ספאה'־נינג) דאס אב־ווארפען רויגען אדער איקרע [ווענען פיש].

spaw'ning-bed *n.* (ספאה'־נינג־בעד) אן ארט אויף'ן גרונט פון א טייך וואו פיש ווארפען אב זייערע רויגען אדער איקרע.

spay *v. and n.* (ספיי) קאסטרירען, מאכען אוים זכר, מסרס זיין; א דריי־יעהריגער הירש [א זכר].

S. P. C. A. ראשי תבות פון די ווערטער ***Society for the Prevention of Cruelty to Animals*** די צער־בעלי־חיים געזעלשאפט [א געזעלשאפט וואס גיט אכטונג אז מען זאל ניט בעהאנדלען אכזריות'דיג בהמות].

S. P. C. C. ראשי תבות פון די ווערטער ***Society for the Prevention of Cruelty to Children*** [א געזעל־שאפט וואס דערלאזט ניט קיין אכזריות'־דיגע בעהאנדלונג פון קינדער].

speak *v.* (ספיק) רעדען, שפרעכען; האלטען א רעדע; זאגען, דערצעהלען; איבערגעבען עפעס דורך קלאנגען; קלינ־גען [פון אן ארגעל]; בילען לויט'ן בע־פעהל [ווענען א הונד]; זיך אויסדריקען מיט ווערטער; אנרופען; אויסשפרעכען.

speak'able *a.* (ספיק'־עבל) שפרעכליך, אויסשפרעכליך, וואס לאזט זיך אויס־שפרעכען.

speak by the card (ספיק באי טהי קארד) רעדען פינקטליך.

speak dag'gers (ספיק דעג'־ערז) רע־דען מיט שטעך־ווערטלעך.

speak'er *n.* (ספיק'־ער) א שפרעכער; א רעדנער; א לעהר־בוך פאר דעקלאמא־ציאנען.

Speak'er *n.* (ספיק'־ער) דער ספיקער, דער פארזיצענדער פון פארלאמענט [אין ענגלאנד] אדער פון קאנגרעס [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

speak'ership *n.* (ספיק'־ער־שיפ) דאס אמט פון ספיקער אין פארלאמענט. ז. ***Speaker***

speak fair (ספיק פעהר) רעדען זים אדער פריינדליך.

speak for (ספיק פאר) 1. רעדען פאר אימעצען אדער עפעס; 2. אנדייטען, אנ־צייגען.

2. The great number of factories in New York **speaks for** the industrial development of this city.

speak'ing *a.* (ספיק'־אינג) 1. וואס רעדט; 2. וואס דריקט אוים.

2. This photograph is a **speaking** likeness of me.

speak'ing acquaint'ance (ספיק'־אינג ע־קהווינט'־ענס) ניט קיין נאהענטע בעקאנטשאפט; א פערזאן, מיט וועלכער מען איז בעקאנט נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל מען בעגריסט זיך מיט איהר פארמאל.

speak'ingly *adv.* (ספיק'־אינג־לי) רעדענדיג; אויף א רעדענדער ארט.

speak'ing terms (ספיק'־אינג טוירמז) א בעציהונג צווישען פערזאנען, ווען זייער בעקאנטשאפט איז נור א פארמאלע, ניט קיין נאהענטע.

speak'ing-trum'pet *n.* (ספיק'־אינג־טראמ'־פעט) א מעגאפאן, א שפרעך־טרו־מייט [אזא טרובע, דורך וועלכער דאס קול הערט זיך שטארק]. ז. ***megaphone***

speak'ing-tube *n.* (ספיק'־אינג־טיוב) א שפרעך־רעהר [א רעהר, דורך וועלכער מען רעדט פון איין צימער אדער פון איין עטאזש צו א צווייטען].

speak'ing-voice *n.* (ספיק'־אינג־וואים) דאס קול וואס ווערט געברויכט אין רעדען [אין געגענזאץ צום קול וואס ווערט געברויכט אין זינגען].

speak of (ספיק אוו) רעדען וועגען אימעצען אדער עפעס; אנצייגען, אנדיי־טען, דערמאנען וועגען עפעס ווי וועגען א וויכטיגער זאך.

speak one's mind (ספיק הוואנז מאינד) אויסדריקען שארף די מיינונג.

speak out (ספיק אוט) רעדען הויך, דייטליך; רעדען אפען; אויסזאגען, אויסרעדען.

speak rid'dles (ספיק רידלז) רעדען מיט רעטענישען; רעדען פערשטעלט.

speak to (ספיק טו) ענטפערען פאר עפעס אדער אימעצען; אבגעבען א רעכ־נונג; בעריכטיגען, בעשטעטיגען; ווארנען, מזהיר זיין, מוסר זאגען.

speak to the point (ספיק טו טהי פאינט) רעדען צום פונקט, רעדען צו דער זאך.

speak up (ספיק אפ) זיך פריי אויס־שפרעכען.

speak well for (ספיק הוועל פאר) זיין א גוטער סמן פאר עפעס.

His achievements **speak well for** his ability.

speal'-bone *n.* (ספיעל'־באון) דאס שול־טער־בלאט, די שולטער־לאפעטקע, דער אקסעל־ביין. ז. ***shoulder-blade***

spear *n. and v.* (ספיער) א פיקע, א לאנגער שפיז; א פערזאן בעוואפענט מיט א פיקע; א הארפון [אזא פיקע צו שטעכען פיש]; דאס בלעטעל אדער שטענ־געל פון אן ארויסשפראצענדער פלאנצע [ווי פון א גראז]; שטעכען מיט א שפיז; דורכשטעכען; ארויסשפראצען מיט א בלעטעל אדער שטענגעל.

spear'er *n.* (ספיער'־ער) איינער וואס איז בעוואפענט מיט א פיקע אדער שפיז; א שטעכער, א דורכשטעכער.

spear'-fish *n.* (ספיער'־פיש) א פיש מיט א לאנגער שטאכעל־פערמיגער נאז אדער שנויץ.



Spear-fish

spear'-foot *n.* (ספיער'־פוט) דער רעכטער הינטערשטער פוס פון א פערד.

spear'-grass *n.* (ספיער'־גרעס) איינס פון די גראזען, וואס האבען שפיצען־עהנליכע בליהונגען אדער הארטע שפיצי־גע בלעטער.

spear'-hand *n.* (ספיער'־הענד) די רעכ־טע האנד אדער די רעכטע זייט פון א קאוואלעריסט [די האנד, אין וועלכער ער האלט די פיקע].

spear'-head *n.* (ספיער'־העד) דאס קע־פעל פון א שפיזען.

spear'man *n.* (ספיער'־מען) א פיקע־רייטער, א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיקע.

spear'mint *n.* (ספיער'־מינט) די גרינע מינצע אדער מיאטע [אזא פלאנצע וואס גיט ארוים א שארפען שמעקענדען זאפט]. ז. ***Mentha***

spear'-point *n.* (ספיער'־פאינט) דער שפיץ פון א שפיזען.

spec *n.* (ספעק) ז. ***speculation***

spec. פערקירצונג פון ***specimen***

spe'cial *a. and n.* (ספעש'־על) ספעציעל, בעזונדער; אויסערארדענטליך, אויסער־געוועהנליך, עקסטרא; בעצייכענט אדער בעשטימט פאר א בעזונדערען צוועק; וואס בעצייכענט א בעזונדערען מין; א פערזאן אדער זאך וואס איז בעשטימט געווארען פאר א ספעציעלען צוועק.

spe'cial a'gent (ספעש'־על איי'־דזשענט) א ספעציאל־אגענט, אן אגענט וואס איז בעפאלמעכטיגט בלויז פאר א ספעציעלער אנגעלעגענהייט.

spe'cial case (ספעש'־על קיים) א גע־ריכטס־פראצעס וואס ווערט נעפיהרט אויף אן אנדער שטייגער איידער א געוועהנ־ליכער געריכטס־פראצעס; א געריכטס־פראצעס, וואס ווערט געפיהרט, כדי צו בעשטימען א נייעם רעכט אדער א נייע פערנעלטונג; א משפט וואס ווערט אי־בערגעלאזען אויף דער בעשטימונג פון געריכט בנוגע צו א געוויסער רעכטס־פראגע.

spe'cial dam'ages (ספעש'־על דעמ'־ע־דזשעז) די פערגעלטונג פאר א היזק, וואס איז ניט קיין נויטיגע, אונבעדינגטע פאלגע פון ברעכען א קאנטראקט אדער פון אן אנדערער אונגעזעצליכער מהאט [ווי למשל, דער היזק וואס איינער פאדערט פאר ברעכען דעם צוזאג חתונה צו הא־בען].

spe'cial deliv'ery (ספעש'־על די־ליוו'־ער־אי) אייל־פאסט, בריעף און פא־קעטען וואס ווערען פאר א געוויסער גע־צאהלט צונעשטעלט דורך פאסט, גלייך ווי זיי קומען דארטען אן, מיט א ספעציעלען בריעף־טרעגער, ניט ווארטענדיג אויף דער רעגולערער צייט ווען געוועהנליכע בריעף אדער פאקעטען ווערען פאנאנדער־געטראגען.

spe'cial depos'it (ספעש'־על די־פאז'־איט) וואוקעלגעגעס געלד אין א באנק, וואס די באנק האט קיין רעכט ניט דערמיט זיך צו בענוצען נאר מוז עס

האלטען אומצוקעהרען ווען עס ווערט געפאדערט; געלד אוועקגעלעגט אין א באנק אויף געוויסע פראצענטען אהן דעם רעכט עס ארויסצונעהמען ביסלעכווייז אויף טשעקס.

spe'cial edi'tion (ספעש'-על ע-דיש'-אן) א ספעציעלע אויסגאבע, אן עקסטרא-אויסגאבע [פון א צייטונג, בוך א. ז. וו.].

specialisa'tion *n.* (ספעש-על-אי-זיי'-שאן) ז. ***specialization***.

spe'cialise *v.* (ספעש'-על-איז) ז. ***specialize***.

spe'cialism *n.* (ספעש'-על-איזם) דאס אבגעבען זיך מיט א בעזונדערער ספעציאליטעט.

spe'cial is'sue (ספעש'-על איש'-או) א שטרייט-פראגע אין א משפט, אין וועלכען נור א טייל פון דער קלאגע ווערט אבגעלייקענט פון דעם אנגעקלאגטען; א בעזונדערע שטריים-פראגע וואס ענטוויקעלט זיך פון דער הויפט שטרייט-פראגע.

spe'cialist *n.* (ספעש'-על-איסט) א ספעציאליסט, איינער וואס גיט זיך אב מיט א בעזונדערען טייל פון א פראפעסיאן, פון א וויסענשאפט אדער קונסט.

specialis'tic *n.* (ספעש-ע-ליס'-טיק) ספעציאליסטיש; וואס איז שייך צו א ספעציאליסט.

special'ity *n.* (ספעש-אי-על'-אי-טי) א בעזונדערער פאל, א בעזונדערער אומשטאנד; א ספעציעלע זאך; א ספעציאליטעט, א בעזונדערקייט; די ספעציעלקייט.

specializa'tion *n.* (ספעש-על-אי-זיי'-שאן) דאס ספעציאליזירען, דאס צוגעבען צו בעזונדערע טיילען פון איין גאנצעס כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען, וועלכע אונטערשיידען זיי איינע פון די אנדערע; דאס זיין ספעציאליזירט אדער אונטערגעשיידעט פון די אנדערע טיילען לויט כאראקטעריסטישע סמנים; אין ביאלאגיע — די דיפערענציאציאן, די ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפער דורך דער צוטיילונג אין בעזונדערע ארגאנען, וועלכע האבען בעזונדערע פונקציעס.

spe'cialize *v.* (ספעש'-על-איז) ספעציאליזירען, צוגעבען צו א טייל פון א זאך כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען, וועלכע אונטערשיידען איהם פון די אנדערע טיילען; דיפערענצירען; אננעהמען א בעזונדערע ריכטונג; ווירקען אויף א ספעציעלען שטייגער.

spe'cializer *n.* (ספעש'-על-אי-זער) א ספעציאליסט, איינער וואס פערנעהמט זיך מיט א פראפעסיאן, וויסענשאפט א. ד. ג. אלס זיין ספעציאליטעט.

spe'cially *adv.* (ספעש'-על-אי) בעזאנדערס; אויסדריקליך; אויף א ספעציעלער ארט; אויף א בעזונדערען שטייגער.

spe'cial part'nership (ספעש'-על פארט'-נער-שיפ) ז. ***limited partnership***.

spe'cial trust (ספעש'-על טראסט) א פערמעגען אין די הענד פון אן אפעקון מיט ספעציעלע רעכטען צו פערוואלטען דיעזען פערמעגען.

spe'cialty *n.* (ספעש'-על-טי) ספעציעלקייט, בעזונדערקייט; א בעזונדערע זאך, עפעס וואס האט א בעזונדערקייט לויט'ן כאראקטער, לויט זיין נוץ א. ד. ג.; א ספעציאליטעט, א בעזונדערער פאך; א ספעציעלער פראדוקט; א ספעציעלער קאנטראקט.

spe'cie *n.* (ספיע'-שי) א מטבע; מעטאל-געלד.

spe'cies *n.* (ספיע'-שיז) אן ארט, א גאטונג [א גרופע אינדיווידואומען, וועלכע זיינען אויף אזוי פיעל עהנליך איינע צו די אנדערע, דאס זיי קענען אבשטאמען פון איין פאר עלטערען]; אין ביאלאגישער קלאסיפיקאציאן — אן ארט [די צווישענשטופע צווישען מין אדער גענוס און אינדיווידואום]; אין לאגיק — די גאטונג [א בעגריף וואס איז אין זיך כולל די פארשטעלונג פון א סך עהנליכע אינדיווידואומען און בעציהט זיך צו א העכערען בעגריף ווי א פרט צו א כלל, ווי למשל, "איד" און "מענש"]; א מין, א זארט.

spec'ifiable *a.* (ספעס'-אי-פאי-עבל) וואס קען ספעציפיצירט ווערען; וואס קען בעשטימט ווערען אלס א בעזונדערע זאך.

specif'ic *a. and n.* (ספי-סיפ'-איק) 1. ספעציפיש, אייגענארטיג; בעזונדער, ספעציעל; 2. אייגענטימליך; 3. וואס איז שייך צו אן ארט אדער גאטונג; 4. אין מעדיצין—וואס האט א בעזונדערע קראנקהאפטע אייגענשאפט; 5. פינקטליך, בעשטימט, גענוי; 6. עפעס וואס דיענט פאר א ספעציעלען צוועק; א ספעציפישע אדער בעזונדערע זאך.

1. He made a specific promise to send me the book. 5. Please be specific about your proposition.

specif'ical *a.* (ספי-סיפ'-אי-קעל) ספעציפיש; ספעציעל; וואס איז שייך צו אן ארט אדער גאטונג.

specif'ically *adv.* (ספי-סיפ'-אי-קעל-אי) אויף א ספעציפישען, אייגענארטיגען אופן.

specifica'tion *n.* (ספעס-אי-פי-קיי'-שאן) די ספעציפיקאציאן, א גענויע אנגעבונג פון אלע פרטים [ווי אין א קאנטראקט]; א בעזונדערער פונקט פון אזא קאנטראקט; דאס מאכען ספעציפיש, אייגענארטיג אדער אייגענטימליך.

specif'ic cause (ספי-סיפ'-איק קאהז) אין מעדיצין — אן אורזאכע, וועלכע ווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון א ספעציפישער אדער אייגענארטיגער קראנקהייט.

specif'ic char'acters (ספי-סיפ'-איק קער'-עק-טערז) אין ביאלאגיע — די ספעציפישע אייגענשאפטען פון אן ארט אדער גאטונג, דורך וועלכע זי אונטערשיידעט זיך פון אן אנדער ארט אדער גאטונג.

specif'ic deni'al (ספי-סיפ'-איק די-נאי'-על) אין יוריספרודענץ — אן ענטפער אויף א קלאגע, וואו יעדער פונקט ווערט בעזונדערס און אויספיהרליך אבגעלייקענט.

specif'ic disease' (ספי-סיפ'-איק די-זיעז') א קראנקהייט וואס ווערט פעראורזאכט דורך א ספעציפישער אנשטעקונג [ווי סיפילים].

specif'ic du'ty (ספי-סיפ'-איק דיו'-טי) אין א טאריף — א בעשטימטער אבצאהל וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף אימפארטירטע אדער אריינגעפיהרטע סחורות לויט זייער צאהל, מאס, געוויכט א. ד. ג., אבער ניט לויט זייער ווערטה [ווי למשל, א בעשטימטער אבצאהל אויף יעדען פונט טאבאק, ניט קוקענדיג פון וועלכען זארט דיעזער טאבאק זאל ניט זיין].

specif'ic grav'ity (ספי-סיפ'-איק גרעוו'-אי-טי) דאס ספעציפישע געוויכט, דאס פערהעלטניס פון געוויכט פון א זאך צום געוויכט פון וואסער, פון 4 גראד צעלזיוס, וואס האט דיעזעלבע מאס אדער אומפאנג ווי די זאך [ווי למשל, דאס ספעציפישע געוויכט פון גאלד איז 19, ווייל א שטיקעל גאלד איז לערך 19 מאל שווערער ווי וואסער פון דעמזעלבען אומפאנג].

specif'ic med'icine (ספי-סיפ'-איק מעד'-אי-סין) א מעדיצין אדער רפואה וואס האט א בעשטימטע ווירקונג אין געוויסע קראנקהייטען [ווי כינין אין פיבער].

specif'icness *n.* (ספי-סיפ'-איק-נעס) דאס זיין ספעציפיש; די אייגענארטיגקייט, די אייגענטימליכקייט.

spec'ify *v.* (ספעס'-אי-פאי) ספעציפיצירען, בעצייכנען אויספיהרליך, בעשרייבען מיט אלע פרטים.

spec'imen *n.* (ספעס'-אי-מען) איינער פון א קלאס פערזאנען אדער עפעס פון א קלאס פון זאכען, וואס דיענט אלס א ביישפיעל פון דיעזען קלאס; א מוסטער, א פראבע; אן עקזעמפלאר.

speciol'ogy *n.* (ספי-שי-אל'-א-דזשי) אין ביאלאגיע — די לעהרע וועגען ארטען אדער גאטונגען.

spe'cious *a.* (ספי'-שאס) אנזעהנליך, שעהן אויף'ן קוק, שעהן נאך דעם אויסזעהן.

spe'ciously *adv.* (ספי'-שאס-לי) אנזעהנליך; זייענדיג שעהן אויף'ן קוק; מיט א שעהנעם אויסזעהן.

spe'ciousness *n.* (ספי'-שאס-נעס) אנזעהנליכקייט, דאס האבען א שעהנעם אדער אנגענעהמען אויסזעהן.

speck *n. and v.* (ספעק) 1. א פינטעל, א קליינער פלעק; א פינטעל אויף א פרוכט, וואס צייגט אן דאס זי הויבט אן צו פוילען; 2. א קליין טיילכעל, אן אטאם; די קלענסטע מאס פון עפעס; 3. פעטס, שמאלץ; 4. בעפלעקען.

2. He has not a speck of generosity in his make-up.

speck'le *n. and v.* (ספעקל) א קליינער פלעק, א שפרענקעל; בעשפרענקלען.

speck'led *a.* (ספעקלד) געפלעקט, געשפרענקעלט; פערשיעדען-פארביג, בונט-פארביג; פערשיעדען.

speck'ledness *n.* (ספעק'לד-נעס) דאס זיין געשפרענקעלט; בונט-פארביגקייט.

speck'less *a.* (ספעק'-לעס) אהן פינטלעך, אהן פלעקען; זעהר ריין, זעהר קלאר.

specks *n.* (ספעקס) ז. ***spectacles***.

specktioneer' *n.* (ספעק-שא-ניער') דער הויפט הארפוניער [וואס ווארפט דעם הארפון ביי דער יאגד אויף וואלפיש].

speck'y *a.* (ספעק'-אי) געפלעקט, געפינטעלט, געשפרענקעלט.

specs *n.* (ספעקס) ז. ***spectacles***.

spec'tacle *n.* (ספעק'-טעקל) א ספעקטאקל, א שוי, אן אויסשטעלונג, א פאראד, א שוישפיעל, א פארשטעלונג, א סצענע, אן אנבליק; א געגענשטאנד פון פערטראכטונג.

spec'tacled *a.* (ספעק'-טעקלד) מיט ברילען, וואס טראגט ברילען; אין זאאלאגיע — וואס האט אויגען-עהנליכע אדער ברילען-עהנליכע פלעקען; פאראדנע, ווי אן אויסשטעלונג.

spec'tacled bear (ספעק'-טעקלד בעהר) א זיד-אמעריקאנישער בער מיט א ווייסען שטרייף אונטער די אויגען, וואס איז עהנליך צו א פאר ברילען.

spec'tacled-head'ed *a.* (ספעק'-טעקלד-העד'-עד) וואס האט אויגען-עהנליכע אדער ברילען-עהנליכע פלעקען אויף'ן קאפ [וועגען א געוויסען מין פליגען].

spec'tacle-gage *n.* (ספעק'-טעקל-

גיידזש) א פארריכטונג צו מעסטען דעם אבשטאנד אדער די דיסטאנץ צווישען די ברילען⸗גלעזלעך.

spec'tacle-glass *n.* (ספעק'-טעקל-גלעס) ברילען⸗גלאז; א ברילען⸗גלעזעל.

spec'tacle-ma'ker *n.* (ספעק'-טעקל-מיי'-קער) א ברילען⸗מאכער, א ברילען⸗פאבריקאנט.

spec'tacles *n.* (ספעק'-טעקלז) ברילען, שפאקולען.

spectac'ular *a.* (ספעק-טעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א ספעקטאקל, שוי⸗שפיעל, שוי, אויסשטעלונג אדער צו פאראדען; עהנליך צו א ספעקטאקל, שוי, אויסשטעלונג אדער פאראד; וואס איז שייך צו ברילען.

spectacular'ity *n.* (ספעק-טעק-יו-לער'-אי-טי) פאראדנעקייט, עהנליכקייט צו א ספעקטאקל, שוי אדער אויסשטעלונג.

spectac'ularly *adv.* (ספעק-טעק'-יו-לאר-לי) ווי א ספעקטאקל, שוי, אויסשטעלונג אדער פאראד.

specta'tion *n.* (ספעק-טיי'-שאן) דאס אויסזעהן.

specta'tor *n.* (ספעק-טיי'-טאר) א צושויער; א צוקוקער; איינער וואס זעהט עפעס צו.

spectato'rial *a.* (ספעק-טע-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א צושויער.

specta'torship *n.* (ספעק-טיי'-טאר-שיפ) דאס צוקוקען, דאס זיין א צושויער.

specta'tress *n.* (ספעק-טיי'-טרעס) א צושויערין, א צוקוקערין, איינע וואס זעהט עפעס צו.

specta'trix *n.* (ספעק-טיי'-טריקס) ז. *spectatress*.

spec'ter *n.* (ספעק'-טער) א געשפענסט, א גייסט; א געשפענסט⸗אינזעקט [אזא אינזעקט]; די געשפענסט⸗פלעדערמויז [אזא פלעדערמויז]; דער געשפענסט⸗לעמור [דער טארסיער אדער פוס⸗טהיער. ז *tarsier*].

spec'ter-le'mur *n.* (ספעק'-טער-לי'-מויר) א טארסיער אדער פוס⸗טהיער. ז. *tarsier*.

spec'ter of the Brock'en (ספעק'-טער אוו טהי בראק'-ען) אן ערשיינונג אין בערגיגע געגענדען בעת זון⸗אויפגאנג אדער זון⸗אונטערגאנג, ווען דעם צושויער'ס שאטען זעהט זיך ריעזיג⸗גרויס אין דעם נעבעל אויף'ן שפיץ⸗בארג און איז אפט איינגעשלאסען אין א פיעל⸗פארביגען קרייז.

spec'tra *n.* (ספעק'-טרא) ספעקטרומס. ז. *spectrum*.

spec'tral *a.* (ספעק'-טרעל) ווי א געשפענסט, גייסטערהאפט; ספעקטראל [וואס איז שייך צום ספעקטרום אדער צום פארבען⸗בילד וואס עס בילדעט א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spec'tral anal'ysis (ספעק'-טרעל ע-נעל'-אי-סיס) ספעקטראל⸗אנאליזע [דאס בעשטימען די כעמישע צוזאמענזעצונג פון א שטאף לויט דעם ספעקטרום אדער לויט דעם פארבען⸗בילד וואס עס בילדעט א שטראהל פון דעם קערפער, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spec'tral col'ors (ספעק'-טרעל קאל'-ארז) די רעגענבויגען⸗קאלירען, די ספעקטרום⸗קאלירען. ז. *spectrum*.

spec'tral le'mur (ספעק'-טרעל לי'-מויר) א טארסיער אדער פוס⸗טהיער. ז. *tarsier*.

spec'trally *adv.* (ספעק'-טרעל-אי) ווי א געשפענסט, ווי א גייסט, גייסטערהאפט.

spec'tral owl (ספעק'-טרעל אול) די געשפענסט⸗איילע [אזא גרויסע איילע אדער סאווא פון די קאלטע נארדליכע טיילען פון אמעריקא].

spec'tre *n.* (ספעק'-טער) ז. *specter*.

spectrobolom'eter *n.* (ספעק-טרא-בא-לאמ'-ע-טער) א ספעקטראבאלאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ⸗אויסשטראהלונג אין דעם זון⸗ספעקטרום]. ז. *spectrum*.

spec'trograph *n.* (ספעק'-טרא-גרעף) א ספעקטראגראף, אן אפאראט צו פאטאגראפירען א ספעקטרום [די פארבען, וואס בילדען זיך אויס פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spectrog'raphy *n.* (ספעק-טראג'-רע-פי) ספעקטראגראפיע, די קונסט צו געברויכען א ספעקטראגראף. ז. *spectrograph*.

spectrolog'ical *a.* (ספעק-טרא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער ספעקטראל⸗אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectrol'ogy *n.* (ספעק-טראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ספעקטראל⸗אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectrom'eter *n.* (ספעק-טראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די אבווייכונג אדער אבנייגונג פון א שטראהל ווען ער געהט דורך א פריזמא.

spectromicroscop'ical *a.* (ספעק-טרא-מאי-קרא-סקאפ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו אונטערזוכונגען מיט דער הילף פון א מיקראספעקטראסקאפ. ז. *microspectroscope*.

spec'troscope *n.* (ספעק'-טרא-סקאופ) א ספעקטראסקאפ [אן אפטישער אפאראט צו פראדוצירען ספעקטרומס פון לייכטענדע קערפער דורכלאזענדיג זייערע שטראהלען דורך א פריזמא]. ז. *spectrum*.



Spectroscope

spectroscop'ic *a.* (ספעק-טרא-סקאפ'-איק) ספעקטראסקאפיש, וואס איז שייך צו א ספעקטראסקאפ, וואס ווערט בעשטימט דורך א ספעקטראסקאפ [ז. *spectroscope*]; וואס איז שייך צו ספעקטראל⸗אנאליזע, בעשטימט דורך ספעקטראל⸗אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectroscop'ical *a.* (ספעק-טרא-סקאפ'-אי-קעל) ז. *spectroscopic*.

spectroscop'ically *adv.* (ספעק-טרא-סקאפ'-אי-קעל-אי) ספעקטראסקאפיש, מיט דער הילף פון א ספעקטראסקאפ. ז. *spectroscope*.

spec'troscopist *n.* (ספעק'-טרא-סקאו-פיסט) איינער וואס מאכט בעאבאכטונגען מיט דער הילף פון א ספעקטראסקאפ [ז. *spectroscope*]; א קענער אין ספעקטראל⸗אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spec'troscopy *n.* (ספעק'-טרא-סקאו-פי) דער טייל פון פיזיק און כעמיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ערשיינונגען, וועלכע ווערען בעאבאכטעט מיט דער הילף פון דעם ספעקטראסקאפ. ז. *spectroscope*.

spec'trum *n.* (ספעק'-טראם) דאס ספעקטרום [דאס פארבען⸗בילד וואס בעקומט זיך פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא]; א שיין⸗בילד פון עטוואס וואס מען האט פריהער געזעהן, כאטש מען קוקט שוין מעהר ניט אויף דעם.

spec'ula *n.* (ספעק'-יו-לא) שפיגלען; רעפלעקטירענדע טיילען פון אפטישע אינסטרומענטען; מעדיצינישע אינסטרומענטען צום פאנאנדערשפרייטען קערפער⸗עפנונגען און זיי אונטערזוכען; אויגען⸗עהנליכע פלעקען אויף פעדערען; קאלירטע פלעצער אויף פעדערען ביי פויגלען; אויסקוק⸗פלעצער. ז. *speculum*.

spec'ulable *a.* (ספעק'-יו-לעבל) וואס מען קען נאכדענקען אדער נאכטראכטען.

spec'ular *a.* (ספעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א שפיגעל; שפיגעלדיג, אבשפיגלענד; וואס העלפט צום זעהען; וואס איז שייך צו די אויגען⸗עהנליכע פלעקען אדער צו די קאלירטע פלעקען אויף די פליגלען פון געוויסע פויגלען.

spec'ulate *v.* (ספעק'-יו-לייט) נאכדענקען, נאכטראכטען; מאכען השערות, שאפען טעאריען; שאפען אבסטראקטע טעאריען [בלויז מיט'ן שכל, ניט רעכענענדיג זיך מיט פאקטען און ניט שטיצענדיג זיך אויף בעאבאכטונגען]; שפעקולירען, האנדלען אויף ריזיקע; זוכען צו מאכען פראפיט פון אונזיכערע אונטערנעהמונגען.

specula'tion *n.* (ספעק-יו-ליי'-שאן) נאכדענקונג, נאכטראכטונג; דאס שאפען טעאריען; דאס מאכען השערות; דאס שאפען אבסטראקטע טעאריען [ניט בעגרינדעט אויף פאקטען אדער בעאבאכטונגען]; א ספעקולאציאן; בעטראכטונג; אזא קארטען⸗שפיעל; דאס שפעקולירען, דאס האנדלען אויף ריזיקע.

spec'ulatist *n.* (ספעק'-יו-ליי-טיסט) א דענקער, א פילאזאף; איינער וואס שאפט אבסטראקטע טעאריען, וואס זיינען ניט בעגרינדעט אויף פאקטען און בעאבאכטונגען; א חקרן, א טעארעטיקער, וואס ווייסט גאר ניט פון דער פראקטישער זייט פון לעבען.

spec'ulative *a.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו) ספעקולאטיוו, נאכדענקענד, פארשענד; טעארעטיש; ריין וויסענשאפטליך [וואס האט ניט אין זינען קיין פראקטישע צוועקען אדער אנווענדונגען]; מעטאפיזיש, וואס איז געבויט אויף השערות, וואס איז א רעזולטאט פון אבסטראקטען דענקען [ניט פון ערפאהרונג]; שפעקולירענד; וואס האנדעלט אויף ריזיקע.

spec'ulatively *adv.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א ספעקולאטיווען שטייגער; ספעקולירענדיג. ז. *speculative*.

spec'ulativism *n.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו-איזם) ספעקולאטיוויזם [די נייגונג צו מאכען השערות אדער שאפען אבסטראקטע טעאריען, וואס זיינען ניט געבויט אויף פאקטען און ערפאהרונגען].

spec'ulator *n.* (ספעק'-יו-ליי-טאר) א בעטראכטער, א נאכדענקער; א שאפער פון טעאריען; א שפעקולאנט, איינער וואס האנדעלט אויף ריזיקע.

spec'ulatory *a.* (ספעק'-יו-ליי-טא-רי) נאכדענקענד, נאכפארשענד; ספעקולאטיוו. ז. *speculative*

spec'ulum *n.* (ספעק'-יו-לאם) א שפּי־געל; דער רעפלעקטירענדער אדער אב־שפּיגלענדער טייל פון אן אפּטישען אינ־סטרומענט; אן אויגען־עהנליכער פלעק אויף פעדערען [ווי למשל, ביי א פּא־ווע]; א קאלירטער פלאץ אויף די פע־דערען ביי פויגלען; א מעדיצינישער אינ־סטרומענט צום אריינקוקען אין קערפּער־עפענונגען אדער זיי פאנאנדערצושפּרייטען צוליעב אונטערזוכונגס־צוועקען; אן אויס־קוק־פּלאץ; א פּלאץ, פון וועלכען מען קען שפּיאָנירען.

spec'ulum-met'al *n.* (ספעק'-יו-לאם-מעט'-על) דער רעפלעקטירענדער אדער אבשפּיגלענדער טייל פון אן אפּטישען אינ־סטרומענט.

sped (ספעד) געאיילט. ז. *speed*

speech *n. and v.* (ספּיעטש) שפּראך; רעדע־פעהיגקייט; דאס ריידען; א רעדע; א געשפּרעך; דער קלאנג פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען; האלטען א רעדע.

speech'craft *n.* (ספּיעטש'-קרעפט) די רעדע־קונסט; שפּראך־וויסענשאפט; גרא־מאטיק.

speech'-cri'er *n.* (ספּיעטש'-קראי'-ער) פּארצייטען אין ענגלאנד — איינער וואס פלעגט אויסשרייען די ודוי און דעם פער־ברעכען פון א פעראורטיילטען צום טויט.

speech'-day *n.* (ספּיעטש'-דיי) אן עפענטליכער פייערטאג אין אן ענגלישער שול נאך די עקזאמענס.

speech from the throne (ספּיעטש פראם טהי טהראון) די טהראן־רעדע [אין די מאנארכיש־קאנסטיטוציאנעלע לענדער — די קעניגליכע פּראגראם־רעדע וואס ווערט פארגעלעזען פון דעם מאנארך אדער פון זיין פערטרעטער ביי דער ערעפנונג פון פּארלאמענט].

speech'ful *a.* (ספּיעטש'-פול) רייך אין ווערטער; בערעדעוודיג; ריידענד.

speechifica'tion *n.* (ספּיעטש-אי-פי-קיי'-שאן) דאס דרשנ'ען, דאס שיטען מיט רעדעס.

speech'ifier *n.* (ספּיעטש'-אי-פאי-ער) א בעל דרשן, איינער וואס האט ליעב צו האלטען רעדעס, א "טשאיניק־האקער".

speech'ify *v.* (ספּיעטש'-אי-פאי) דרש'ע־נען, שיטען מיט רעדעס, "האקען א טשאי־ניק".

speech'less *a.* (ספּיעטש'-לעס) שפּראכ־לאז, שווייגענד, שטום; אונאויסגעשפּרא־כען.

speech'lessly *adv.* (ספּיעטש'-לעס-לי) שווייגענדיג, שטום, שפּראכלאז.

speech'lessness *n.* (ספּיעטש'-לעס-נעס) שפּראכלאזיגקייט; שטומקייט.

speech'maker *n.* (ספּיעטש'-מיי-קער) א רעדנער.

speech'making *n.* (ספּיעטש'-מיי-קינג) דאס האלטען רעדעס.

speech'-rea'ding *n.* (ספּיעטש'-ריע'-דינג) דאס פערשטעהן איינעמס רייד לויט די בעוועגונגען פון די ליפּען [ווי עס איז דער פאל מיט טויב־שטומע].

speed *n. and v.* (ספּיעד) 1. גיכקייט, איילעניש; 2. געשווינדקייט, שנעל־קייט; 3. מזל, גליק, ערפאלג, פּעולה; 4. זיך איילען, איילען; זיך שנעל בע־וועגען, ארויסרופען א שנעלע בעוועגונג; 5. צוגעבען אדער ארויסרופען א געוויסע שנעלקייט; 6. האבען ערפאלג, גוט אנ־געהן, גוט געהן; מיטהעלפען צו ערפאלג, מאכען ערפאלגרייך; 7. אויספּערטיגען, דורכפיהרען.

2. We motored at high **speed**. 3. I wish you good **speed** in your undertaking. 5. The engine is **speeded** to run 300 revolutions per minute. 6. God **speed** you. 7. The judicial proceedings were **sped** in the open court.

speed'er *n.* (ספּיעד'-ער) איינער אדער עטוואס וואס לויפט אדער בעוועגט זיך שנעל; איינער אדער עטוואס וואס רופט ארויס א שנעלע בעוועגונג; א מעכאני־שע פארריכטונג ארויסצורופען געשווינד־קייט.

speed'ful *a.* (ספּיעד'-פול) גיך, שנעל, איילענדיג; ערפאלגרייך, געלונגען; מזל'־דיג.

speed'fully *adv.* (ספּיעד'-פול-אי) מיט שנעלקייט; מיט ערפאלג; מזל'דיג.

speed'-gage *n.* (ספּיעד'-גיידזש) ז. *speed-indicator*

speed'ily *adv.* (ספּיעד'-אי-לי) גיך, שנעל, אין א קורצער צייט.

speed'-in'dicator *n.* (ספּיעד'-אינ'-די-קיי-טאר) א געשווינדקייט־מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די גע־שווינדקייט פון מאשינען].



Speed-indicator

speed'iness *n.* (ספּיעד'-אי-נעס) שנעל־קייט, גיכקייט, געשווינדקייט.

speed'ing *n.* (ספּיעד'-אינג) דאס ארויס־רופען א שנעלע בעוועגונג; א פּראבע אין לויפען שנעל [ווי פון א פערד].

speed'less *a.* (ספּיעד'-לעס) לאנגזאם; ניט ערפאלגרייך, ניט מזל'דיג.

speed'-record'er *n.* (ספּיעד'-רי-קאהרד'-ער) אן אפּאראט צו פערצייכנען געשווינדיגקייט [פון א באהן־צוג, מאשין א. ז. וו.].

speed'way *n.* (ספּיעד'-הוויי) א וועג, אויף וועלכען עס איז ערלויבט צו פאה־רען שנעל.

speed'well *n.* (ספּיעד'-הועל) דער עה־רענפּרייז [אזא קריכענדיג גראז מיט העל־בלויע בליטהען]. ז. *Veronica*

speed'y *a.* (ספּיעד'-אי) איילינג, שנעל, געשווינד; ערפאלגרייך, מזל'דיג.

speiss *n.* (ספּאיס) א צוזאמענזעצונג פון ארסעניק מיט אייזען, ניקעל אדער קא־באלט.

speld *n.* (ספּעלד) א שפּענדעל; א שפּלי־טער, א פּיצעל, א ברעקעל.

spell *n. and v.* (ספּעל) 1. א צויבער־שפּרוך, אן אבשפּרעכעניש, א כשוף, א צויבער; בעצויבערטקייט, פער'כשופ'ט־קייט; 2. אומבייטונג, אבוועקסלונג, א רייהע, אן אפּשערעד [ביים ארבייטען]; 3. רוה־צייט; 4. א בעשטימטע צייט; א קורצע צייט, א פּריי שטיקעל צייט, א ווייל; 5. א שלעכטע שטיקעל צייט, א צייט פון שלעכטער שטימונג; 6. אויס־לעגען [ווערטער]; 7. ליינען בוכשטאב נאך בוכשטאב; ליינען מיט מיה; 8. ענט־דעקען דורך גענויען שטודיום, ארויסקריע־גען עפּעס פּונקט נאך פּונקט; גענוי שטו־דירען, גענוי פּארשען; 9. צוזאמענשטע־לען, אויסמאכען; 10. אומבייטען אדער צייטווייליג פערנעהמען איינעמס פּלאץ.

1. He is under the **spell** of her beautiful eyes. 2. The men work the pumps by **spells**. 4. Come and rest a **spell** with me. 6. The word is **spelled** correctly. 9. Discipline and courage **spell** victory.

spell back'ward (ספּעל בעק'-הווארד) 1. אויסלעגען [אווארט] צוריקוועגס; 2. אויסטייטשען אדער פערשטעהן פער־קעהרט, פערדרעהען.

2. He is a brave, good man, but he always **spells backwards**.

spell ba'ker (ספּעל ביי'-קער) טהאן עפּעס א שווערע ארבייט, אונטערנעהמען א שווערע זאך.

If an old man will marry a young woman, he must **spell baker**.

spell'bind *v.* (ספּעל'-באינד) האלטען מיט צויבער־קראפט אדער ווי מיט צוי־בער־קראפט; בעצויבערען, פער'כשופ'ען.

spell'bound *a.* (ספּעל'-באונד) בעצוי־בערט, פער'כשופ'ט; געהאלטען ווי מיט צויבער־קראפט.

spell'er *n.* (ספּעל'-ער) איינער וואס לעגט אויס ווערטער; איינער וואס קען גוט אויסלעגען; א בוך צום לערנען אויס־לעגען; אן אבצווייגונג פון א הארן־צווייג ביי א הירש.

spell'ing *n.* (ספּעל'-אינג) אויסלעגונג פון ווערטער, ארטאגראפיע.

spell'ing-bee *n.* (ספּעל'-אינג-ביע) א וועט אין ריכטיג בוכשטאבירען אדער אויסלעגען ווערטער.

spell'ing-book *n.* (ספּעל'-אינג-בוק) א בוך צום לערנען אויסלעגען.

spell'ing-match *n.* (ספּעל'-אינג-מעטש) ז. *spelling-bee*

spell'ing reform (ספּעל'-אינג רי-פאהרם') א רעפארמע אין אויסלעגען אדער ארטאגראפיע; א פערייניפאכונג פון די אויסלעגונגס־כללים פון א שפּראך.

spell'-stopped *a.* (ספּעל'-סטאפּט) איינ־געהאלטען דורך כשוף, געהאלטען מיט צוי־בער־קראפט.

spell'-work *n.* (ספּעל'-הוואירק) עטוואס וואס ווערט געטהאן דורך כשוף; צויבער־קראפט; כשוף.

spelt (ספּעלט) בוכשטאבירט, אויסגעלעגט. ז. *spell*

spelt *n.* (ספּעלט) א שפּעלץ, שפּעלט [א מין ווייץ].

spel'ter *n. and v.* (ספּעל'-טער) שפּיאל־טער, צינק; פערלייטען מיט שפּיאלטער אדער צינק.

spel'ter sold'er (ספּעל'-טער סאד'-ער) שפּיאלטער צום פערלייטען מעטאלען.

spen'cer *n.* (ספּענ'-סער) א ספּענצער, א לייבעיאק, א קאמזויל; א זארט זעגעל פון א שיף.

Spence'rian *a. and n.* (ספּענ-סי'-רי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען פּילא־זאף הערבערט ספּענסער [געבארען 1820, געשטארבען 1904] אדער צו זיין לעהרע; א ספּענסעריאנער, אן אנהענגער פון ספּענ־סער'ס לעהרען.

Spence'rianism *n.* (ספּענ-סי'-רי-ען-איזם) די עוואלוציאנס־לעהרע פון דעם ענגלישען פילאזאף הערבערט ספּענסער [1820—1904]. ז. *synthetic philosophy*

spend *v.* (ספּענד) אויסגעבען, פערשווענ־דען, אויסברייינגען, פערברויכען, ערשע־פּען, אוועקגעבען; צובריינגען, פערבריינ־גען [צייט]; פערברויכט ווערען, אויס־געבראכט ווערען, ערשעפּט ווערען, פער־

שווענדעט ווערען; ארויסלאזען זרע; ארויסוואַרפען רויגען [איקרא].

spend'-all *n.* (ספענד'-אָהל) א פערשווענדער, אַן אויסברייננער.

spend a mast (ספענד ע מעסט) צוברעכען א מאַסט; פעראורזאַכען דעם פערלוסט פון א מאַסט; פערלירען א מאַסט.

spen'der *n.* (ספענ'-דער) א פערצעהרער, א פערברויכער; א פערשווענדער, אַן אויסברייננער.

spend ground (ספענד גראונד) מאַכען אַן אויסגראַבונג אין א מינע אָדער שאַכטע.

spen'ding *n.* (ספענ'-דינג) פערשווענדונג; דאס ארויסלאזען זרע.

spen'ding-mon'ey *n.* (ספענ'-דינג-מאַנ'-אי) טאשען-געלד [געלד אויף קלייגע אויסגאַבען].

spend the mouth (ספענד טהי מאַוטה) שטאַרק בילען.

spend'thrift *n.* and *a.* (ספענד'-טהריפט) א פערשווענדער; אַן אויסברייננער; פערשווענדעריש, אויסברייננעריש.

spend'thrift trust (ספענד'-טהריפט טראַסט) א פערמעגען וואס ווערט איבערגעגעבען צו אַפּעקונעס מיט דער בעדינגונג, אַז זיי זאָלען צאָהלען דעם יורש זאַלאַנג ער לעבט בלויז די הכנסות פון דיזען פערמעגען, און דאס פערמעגען גופא זאָל ירשנ'ען אַן אנדערער נאָך זיין טויט.

Spense'rian *a.* and *n.* (ספענ-סי'-רי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען דיכטער עדמונד ספּענסער [געבאָרען 1552, געשטאָרבען 1599] אָדער צו זיין פּאָעטישען סטיל; א ספּענסערישער מעטער, א ספּענסערישער פערז.

spent *a.* (ספענט) אויסגעמאַטערט, ערשעפּט; קראַפטלאָז, מאַכטלאָז; אויסגעמאַטערט דורך ארויסוואַרפען רויגען [וועגען פיש]; פערשווענדעט, אויסגעבראַכט, פערבראַכט [צייט], פערברויכט [ז. *spend*].

spent ball (ספענט באָהל) א שיס-קויל וואס פליהט מיט א צו שוואַכען אימפּעט צו קענען עפּעס דורכלעכערען.

sperm *n.* (ספּוירם) ספּערמאַ, זאַמען אָדער זרע [פון א זכר]; דער קאַשעלאָט [אזא וואַלפיש]; ספּערמאַצעט [די פעטס פון קאָפּ פון א קאַשעלאָט]. ז. *spermaceti*.

spermacet'i *n.* and *a.* (ספּויר-מע-סעט'-אי) ספּערמאַצעט, אַזא פעטס וואס ווערט ארויסגענומען פון קאָפּ פון א קאַשעלאָט [אזא וואַלפיש], ווערט געברויכט פאַר פערשיעדענע זאַלבען און פּלאַסטערען; וואס איז שייך צו ספּערמאַצעט, ספּערמאַצעטיש.

spermat'ic *a.* (ספּויר-מעט'-איק) ספּערמאַטיש, וואס איז שייך צו דער ספּערמאַ, זאַמען אָדער זרע [פון א זכר]; וואס לאָזט ארויס ספּערמאַ אָדער זרע; וואס איז שייך צום גליעדער אָדער צו די גליעדער, דורך וועלכע די ספּערמאַ אָדער זרע פליסט ארויס.

spermat'ical *a.* (ספּויר-מעט'-אי-קעל) ז. *spermatic*.

spermat'ic ar'tery (ספּויר-מעט'-איק אַר'-טע-רי) די אַרטעריע אָדער בלוט-אָדער פון די אייער.

sper'matism *n.* (ספּויר'-מע-טיזם) דאס ארויסלאזען ספּערמאַ, זאַמען אָדער זרע [ביי א זכר].

sper'matize *v.* (ספּויר'-מע-טאַיז) ארויסלאזען ספּערמאַ, זאַמען אָדער זרע [ביי א זכר].

sper'matocele *n.* (ספּויר'-מע-טאָ-סיל) אין מעדיציין — דער ברוך פון די זאַמען-געפעס [די זרע-קאַנאַלען אין דעם אייער-בייטעל].

spermatogen'esis *n.* (ספּויר-מע-טאָ-דזשענ'-ע-סיס) ז. *spermatogeny*.

spermatog'eny *n.* (ספּויר-מע-טאָדזש'-ע-ני) די אויסבילדונג פון ספּערמאַ אָדער זרע.

sper'matoid *a.* (ספּויר'-מע-טאָיד) עהנליך צו ספּערמאַ אָדער זרע [פון א זכר].

spermatol'ogy *n.* (ספּויר-מע-טאָל'-אָ-דזשי) די לעהרע וועגען ספּערמאַ, זאַמען אָדער זרע [פון א זכר].

sper'matophore *n.* (ספּויר'-מע-טאָ-פאָר) דער ספּערמאַטאָפאָר, איינס פון די מיקראָסקאָפּישע זעקעלעך אין דער זרע פון א זכר, אין וועלכען עס האַלטען זיך די זאַמען-טיערכען אָדער ספּערמאַטאָזאָא. ז. *spermatozoa*.

spermatoph'orous *a.* (ספּויר-מע-טאָפ'-אָ-ראָס) וואס טראָגט אָדער ענטהאַלט ספּערמאַ אָדער זרע.

spermato'vum *n.* (ספּויר-מע-טאָ'-וואָם) א בעפרוכטעטעס אייעלע [פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א לעבעדיגע בעשעפעניש].

spermatozo'a *n.* (ספּויר-מע-טאָ-זאָ'-א) די ספּערמאַטאָזאָא אָדער זאַמען-טיערכען [די מיקראָסקאָפּישע קערפּערלעך מיט לאַנגע עקלעך וועלכע ענטהאַלטען זיך אין דער ספּערמאַ אָדער זרע פון א זכר און בעפרוכטען די אייעלעך פון א נקבה].

Spermatozoa

spermatozo'oid *n.* and *a.* (ספּויר-מע-טאָ-זאָ'-איד) דאס זאַמען-טיערכען; וואס איז שייך צו א זאַמען-טיערכען. ז. *spermatozoa*.

spermatozo'on *n.* (ספּויר-מע-טאָ-זאָ'-אָן) א זאַמען-טיערכען. ז. *spermatozoa*.

sperm'-cell *n.* (ספּוירם'-סעל) די זאַמען-צעלע, א זאַמען-טיערכען. ז. *spermatozoa*.

sper'min *n.* (ספּויר'-מין) ספּערמין, א כעמישער שטאָף וואס בעקומט זיך פון ספּערמאַ אָדער זרע און פון אנדערע אָרגאַנישע עלעמענטען [ווערט פיעל געברויכט אין מעדיציין].

sper'mism *n.* (ספּויר'-מיזם) ספּערמיזם, די לעהרע, אַז די זרע פון'ם זכר ענטהאַלט אין זיך דעם גאַנצען צוקינפטיגען אָרגאַניזם, וואס דאַרף געבאָרען ווערען און אַז דאס אייעלע פון דער נקבה דיענט נור אַלס א סביבה, אין וועלכער די ספּערמאַטאָזאָא [ז. *spermatozoa*] ענטוויקעלט זיך.

sperm'-nu'cleus *n.* (ספּוירם'-ניו'-קלי-אָס) דאס זרע-קערנדעל פון די ספּערמאַטאָזאָא. ז. *spermatozoa*.

sper'moderm *n.* (ספּויר'-מאָ-דוירם) די זאַמען-הילע, דאס אויבערשטע הייטעל פון א זאַמען.

sperm'-oil *n.* (ספּוירם'-אָיל) דער אויל וואס בעקומט זיך פון די פעטס פון א קאַשעלאָט [אזא וואַלפיש].

spermol'ogy *n.* (ספּויר-מאָל'-אָ-דזשי) ז. *spermatology*.

sper'mule *n.* (ספּויר'-מיול) א זאַמען-טיערכען. ז. *spermatozoa*.

sperm'-whale *n.* (ספּוירם'-הוויל) דער קאַשעלאָט, אזא וואַלפיש אין די ימים פון די וואַרימע לענדער.

Sperm-whale

spew *v.* (ספּיו) מייקענען, ברעכען.

spew'er *n.* (ספּיו'-ער) איינער וואס ברעכט אָדער מייקעט.

sp. gr. אַבקירצונג פון די ווערטער *specific gravity*

sphac'el *n.* (ספעס'-על) ז. *sphacelus*.

sphac'elate *v.* and *a.* (ספעס'-ע-לייט) ווערען אָנגעגריפען פון קנאַכען-בראַנד [ז. *necrosis*]; אָנהויבען פוילען אָדער אַבשטאַרבען [וועגען געוויסע טיילען פון קערפּער]; אָנגעגריפען פון קנאַכען-בראַנד; אַבגעפוילט, אַבגעשטאַרבען.

sphacela'tion *n.* (ספעס-ע-ליי'-שאָן) ז. *necrosis*.

sphac'elism *n.* (ספעס'-ע-ליזם) ז. *necrosis*.

sphacelis'mus *n.* (ספעס-ע-ליס'-מאָס) ז. *necrosis*.

sphac'elus *n.* (ספעס'-ע-לאָס) קנאַכען-בראַנד [ז. *necrosis*]; א פוילענדע געוועב-מאַסע פון קערפּער.

sphæ'roid *n.* (ספי'-ראָיד) ז. *spheroid*.

sphag'nous *a.* (ספעג'-נאָס) וואס איז שייך צו א טאָרף-גרונד. ז. *peat-moss*.

sphal'erite *n.* (ספעל'-ע-ראַיט) צינק-זולפיד, צינק-בלענדע [א מינעראַל וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון צינק און שוועבעל].

sphene *n.* (ספין) דער ספען אָדער טיטאַניט [אזא מינעראַל וואס גלאַנצט מיט פערשיעדענע קאָלירען].

sphe'nic *a.* (ספי'-ניק) קליין-פערמיג, ווי א קליין.

sphe'noid *a.* and *n.* (ספי'-נאָיד) קליין-אַרטיג, קליין-פערמיג, ווי א קליין; אין אַנאַטאָמיע — דער קליין-פערמיגער ביין פון שאַרבען.

sphenoi'dal *a.* (ספי-נאָי'-דעל) ז. *sphenoid*.

spher'al *a.* (ספיר'-על) ספעריש, רונד, קיילעכדיג; סימעטריש, פּאַלקאַם אין פאָרם; וואס איז שייך צו א הימלישען קערפּער; וואס בעוועגט זיך ווי א הימלישער קערפּער; האַרמאָניש.

sphera'tion *n.* (ספי-ריי'-שאָן) אויסבילדונג אין א קוגעל; אויסבילדונג פון א הימלישען קערפּער.

sphere *n.* and *v.* (ספיער) א קוגעל, א קייקעל, א באַל; א הימלישער קערפּער [ווי די זון, די ערד, די לבנה]; אין דער פּאַרצייטיגער אַסטראָנאָמיע — איינע פון די בעוועגליכע און דורכזיכטיגע שיידען, אין וועלכע עס זיינען כלומר'שט איינגעפּאַסט די הימלישע קערפּער אין זייער בעוועגונג אַרום דער ערד; א גלאָבוס, א קוגעל אָדער באַל וואס שטעלט מיט זיך פאָר די ערד; די ספערע, דער טהעטיגקייטס-געביעט, דער ווירקונגס-קרייז; די מדרגה, דער ראַנג אין דער געזעלשאַפט; דער העכערער געזעלשאַפט-ליכער קלאַס; מאַכען ספעריש אָדער קיילעכדיג, פערראַונדען; שטעלען אין א ספערע, שטעלען צווישען די הימלישע קערפּער; איינשליסען אין א קרייז; אַרומקרייזען, אַרומגאַרטלען.

sphere'less *a.* (ספיער׳-לעס) וואס האט ניט קיין ספערע, אונבעשרענקט, וואנדערענד.

sphere of activ'ity (ספיער אוו עק-טיוו׳-אי-טי) דער ווירקונגס-קרייז.

spher'ic *a.* (ספער׳-איק) ספעריש, קוגעל-פערמיג, ווי א קייקעל, רונד.

spher'ical *a.* (ספער׳-אי-קעל) ספעריש, וואס האט די פארם פון א באל, קייקעל אדער קרייז.

spher'ical an'gle (ספער׳-אי-קעל ענגל) א ספערישער ווינקעל [א ווינקעל, וואס בילדעט זיך אויס ווען צווי קרומע אדער רונדע ליניען שניידען זיך איבער].

spher'ically *adv.* (ספער׳-אי-קעל-אי) אין דער פארם פון א באל, קייקעל אדער קוגעל.

spher'icalness *n.* (ספער׳-אי-קעל-נעס) ז. *sphericity*.

spher'ical tri'angle (ספער׳-אי-קעל טראי׳-ענגל) א ספערישער דריי-עק [א דריי-עק אויף א קייקעל וואס בילדעט זיך אויס דורך דער איבערשניידונג פון די קרייז-ליניען אויף דעם קייקעל].



Spherical Triangle

spher'ical trigonom'etry (ספער׳-אי-קעל טריג-א-נאמ׳-ע-טרי) ספערישע טריגאנאמעטריע [דער טייל פון טריגאנאמעטריע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דריי-עקען אויף א ספערישען אדער קוגעל-פערמיגען קערפער, וואס בילדען זיך אויס דורך דער דורכשניידונג פון דריי געבויגענע ליניען].

spheric'ity *n.* (ספי-ריס׳-אי-טי) קוגעל-פערמיגקייט, קייקעלדיגקייט, רונדקייט.

spher'icle *n.* (ספער׳-איקל) א קליינער קוגעל.

spher'ics *n.* (ספער׳-איקס) די ספערישע טריגאנאמעטריע. ז. *spherical trigonometry*.

sphe'rograph *n.* (ספי׳-רא-גרעף) אזא אינסטרומענט צו בעשטימען די ריכטונג פון א שיף און די שטרעקע וואס זי איז אבגעגאנגען.

sphe'roid *n.* (ספי׳-ראיד) א ספעראאיד, א קערפער וואס בעקומט זיך דורך דער בעוועגונג פון אן עליפס [ז. *ellipse*] ארום איינעם פון איהרע אקסען; א רונדער קערפער אדער פיגור וואס איז צונויפגעדריקט ביי די זייטען און עטוואס אויסגעצויגען [ווי אן איי, די ערד א. ד. ג.].

spheroi'dal *a.* (ספי-ראי׳-דעל) ספעראאידיש, ווי א ספעראאיד; ניט פאלקאמען רונד, ניט גאנץ רונד. ז. *spheroid*.

spheroi'dally *adv.* (ספי-ראי׳-דעל-אי) אין דער פארם פון א ספעראאיד. ז. *spheroid*.

spheroi'dic *a.* (ספי-ראי׳-דיק) ז. *spheroidal*.

spheroi'dical *a.* (ספי-ראי׳-די-קעל) ז. *spheroidal*.

spheroidic'ity *n.* (ספי-ראי-דיס׳-אי-טי) דאס זיין א ספעראאיד. ז. *spheroid*.

spherom'eter *n.* (ספי-ראמ׳-ע-טער) א ספעראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם קרימונגס-גראד פון א ספערישען אדער קוגעל-פערמיגען קערפער, בעזונדערס פון אן אפטישער לינזע].



Spherometer

spherosid'erite *n.* (ספי-רא-סיד׳-ע-ראיט) דער ספעראסידעריט [אייזען-שפאט אין קוגעל-פערמיגע שטיקער].

spher'ule *n.* (ספער׳-אוהל) א קליינער קוגעל; א קליין קייקעל.

spher'y *a.* (ספיר׳-אי) ספעריש, וואס איז שייך אדער וואס איז ענהליך צו א הימלישען קערפער.

sphinc'ter *n.* (ספינק׳-טער) אין אנא-טאמיע — א מוסקול וואס רינגעלט ארום אן עפנונג פון קערפער און דורך וועלכען די עפנונג פערמאכט זיך.

sphinc'ter a'ni (ספינק׳-טער איי׳-נאי) דער מוסקול וואס רינגעלט ארום די עפ-נונג פון הינטערלייב [פי הטבעת].

sphinx *n.* (ספינקס) [א פא-] א ספינקס בעלהאפטע משונה׳דיגע בריאה מיט א קערפער פון א לייב און מיט א קאפ פון א פרוי, וועלכע — לויט דער אלט-גריכי-שער לעגענדע — פלעגט פרעגען ביי די פארבייגעהער א רעטעניש און פלעגט זיי טויטען אויב זיי פלעגען ניט טרעפען]; ביי די אלטע עגיפטער — א שטיינערנע פיגור פון א לייב מיט א קאפ פון אן אנ-דער חיה אדער פון א מאן; א רעטהזעל-האפטע פערזאן, איינער וועמעס עס איז שווער צו פערשטעהן; א ספינקס-מאיל [אזא אינזעקט]; דער ספינקס-פאוויאן אדער דער גינעאישער פאוויאן [אזא אפע, ז. *baboon*].

Sphinx

sphragis'tics *n.* (ספרע-דזיס׳-טיקס) די לעהרע וועגען פארצייטיגע שטעמפלען.

sphyg'mic *a.* (ספיג׳-מיק) וואס איז שייך צום דופק אדער פולס; פולסירענד.

sphyg'mogram *n.* (ספיג׳-מא-גרעם) א ספיגמאגראמע, א וועלענפערמיגע ליניע וואס בעצייכענט דאס שלאגען פון פולס [דופק] און ווערט געצייכענט דורך א ספיגמאגראף. ז. *sphygmograph*.



Sphygmogram

sphyg'mograph *n.* (ספיג׳-מא-גרעף) א ספיגמאגראף, אן אפאראט וואס פער-שרייבט אויטאמאטיש דאס שלאגען פון פולס [דופק] דורך א וועלענפערמיגער ליניע.

sphygmograph'ic *a.* (ספיג-מא-גרעפ׳-איק) ספיגמאגראפיש; געצייכענט אדער רעגיסטרירט דורך א ספיגמאגראף; וואס איז שייך צו א ספיגמאגראף. ז. *sphygmograph*.

sphygmog'raphy *n.* (ספיג-מאג׳-רע-פי) דאס פערשרייבען אויטאמאטיש דאס שלאגען פון פולס; א בעשרייבונג פון דופק אדער פולס.

sphyg'moid *a.* (ספיג׳-מאיד) ענהליך צו א פולס [דופק].

sphygmol'ogy *n.* (ספיג-מאל׳-א-דזשי) ספיגמאלאגיע, די לעהרע וועגען פולס [דופק].

sphygmomanom'eter *n.* (ספיג-מא-מע-נאמ׳-ע-טער) ז. *sphygmometer*.

sphygmom'eter *n.* (ספיג-מאמ׳-ע-טער) דער פולס-מעסטער [אן אינסטרו-מענט צו מעסטען די קראפט פון פולס אין אן ארטעריע].

sphyg'mophone *n.* (ספיג׳-מא-פאון) א ספיגמאפאן [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען מען קען הערען דאס קלאפען פון פולס].

sphyg'moscope *n.* (ספיג׳-מא-סקאופ) א ספיגמאסקאפ [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען מען קען זעהן דאס שלאגען פון פולס].

sphyg'mus *n.* (ספיג׳-מאס) דער פולס [דופק].

spi'ca *n.* (ספאי׳-קא) א זאנג; א זאנ-גען-ענהליכע בליהונג; אזא באנדאזש.

spi'cal *a.* (ספאי׳-קעל) ז. *spicate*.

spi'cate *a.* (ספאי׳-קייט) זאנגען-ענהליך [וועגען בלומען]; וואס האט שפארען אדער שפארען-ענהליכע ארויסשטארצו-נגען אויף די פיס [וועגען פויגלען].

spi'cated *a.* (ספאי׳-קיי-טער) ז. *spiciferous*.

spica'teous *a.* (ספאי-קיי׳-טי-אס) אין זאאלאגיע — וואס האט שפארען אדער שפארען-ענהליכע ארויסשטארצונגען.

spica'tum *n.* (ספאי-קיי׳-טאם) אין אר-כיטעקטור — שרעג געלעגטע שטיינער. ז. *herring-bone work*.

spicca'to *a.* (ספיק-קא׳-טא) ז. *picchetato*.

spice *n.* and *v.* (ספאיס) 1. א גע-ווירץ; געווירצען; בשמים; א געווירץ-נערוך; א געווירצינער, שמעקעדיגער שטאף; 2. א בייגעשמאק, א בעזונדערער טעם, א בייגעמיש, א ביסעל; 3. עטוואס וואס איז פיקאנט אדער אנציהענד, אדער וואס גיט צו א בעזונדערען טעם; 4. צו-ווירצען, פערפראווען מיט געווירצען; 5. מאכען פיקאנט אדער אנציהענד.
2. There is a spice of roguery in the adventure. 3. Variety is the very spice of life. 5. The sermon was very richly spiced with anecdotes.

spice'-ap'ple *n.* (ספאיס׳-עפ׳ל) דער אניס-עפעל [אזא אראמאטישער עפעל].

spice'berry *n.* (ספאיס-בער-אי) דאס ווינטער-גרין. ז. *checkerberry*.

spice'-box *n.* (ספאיס׳-באקס) א גע-ווירצען-קעסטעל; אזא שעהן געשניצטעס קעסטעלע.

spice'-bush *n.* (ספאיס׳-בוש) דער בענ-זאע-בוים [אזא אמעריקאנישער קוסט פון דעם מין לארבער-בוימער. די בלעטער

פלעגען אמאל געברויכט ווערען אלס טהעע און די פרוכט אלס געווירץ].

Spice-bush

spice′-cake *n.* (ספאיס׳-קייק) א גע־ווירץ־געבעקס, א בשמים־געבעקס, א גע־בעקס געמאכט מיט געווירצען.

spiced *a.* (ספאיסט) געווירצט, אנגעזאפט מיט בשמים, שמעקענד, אראמאטיש.

spice′ful *a.* (ספאיס׳-פול) געווירציג, בשמים׳דיג, אראמאטיש, שמעקענד.

spice′-mill *n.* (ספאיס׳-מיל) א גע־ווירצען־מיהלכעל [א האנד־מיהלכעל צו מאהלען געווירצען].

spice′-nut *n.* (ספאיס׳-נאט) א פעפער־קוכען אדער אינגבער־קוכען. ז. *gingerbread-nut*

spi′cer *n.* (ספאי׳-סער) א געווירץ־קרע־מער, א בשמים־הענדלער; איינער וואס ווירצט; א שפייז־קרעמער; אן אפטיי־קער.

spi′cery *n.* (ספאי׳-סער-אי) געווירץ־ווארצלען; בשמים; א געווירץ־קראם; א שפייז־קראם; געווירציגקייט; שמעקעדיג־קייט, אראמאטישקייט.

spice′-shop *n.* (ספאיס׳-שאפ) א גע־ווירץ־קראם, א בשמים־קראם; א שפייז־קראם; אן אפטייק.

spice′-tree *n.* (ספאיס׳-טריע) דער גע־ווירץ־בוים אדער בערג־לארבער־בוים [אזא הויכער אמעריקאנישער בוים מיט א זעהר טייערען האלץ. די בלעטער פון דעם בוים גיבען ארויס א שארפען גערוך].

spice′wood *n.* (ספאיס׳-הוואוד) ז. *spice-bush*

spicif′erous *a.* (ספאי-סיפ׳-ע-ראס) זאנגיג, וואס וואקסט אין זאנגען אדער ווי אין זאנגען; וואס האט שארפען אדער שפארען־עהנליכע ארויסשטארצונגען אויף די פיס [וועגען פויגלען].

spi′ciform *a.* (ספאי׳-סי-פארם) עהנ־ליך צו א זאנג.

spi′cily *adv.* (ספאי׳-סי-לי) געווירצט; פעפערדיג; מיט שארפקייט; אויף א בייסענדען אופן; אויף א פרצנטישען אדער געפוצטען אופן.

spi′ciness *n.* (ספאי׳-סי-נעס) געווירצט־קייט, פעפערדיגקייט; בייסיגקייט, שארפ־קייט; פראנטישקייט, געפוצטקייט.

spick *n. and a.* (ספיק) די מיזע אדער סיניצע [אזא פויגעל. ז. *titmouse*]; ווי נייע.

spick′-and-span′ *a.* (ספיק׳-ענד-ספען׳) שפאגעל־נייע.

spick′-and-span′-new′ *a.* (ספיק׳-ענד-ספען׳-ניו׳) שפאגעל־נייע.

spick′nel *n.* (ספיק׳-נעל) דער בער־וואר־צעל [א מין גראז].

spi′cose *a.* (ספאי׳-קאוס) ז. *spicous*

spicos′ity *n.* (ספאי-קאס׳-אי-טי) זאנ־גען־ארטיגקייט, דאס וואקסען ווי זאנגען.

spi′cous *a.* (ספאי׳-קאס) זאנגיג, זאנגען־ארטיג.

spic′ula *n.* (ספיק׳-יו-לא) א קליינע זאנג, א קליינער זאנג־עהנליכער פלאנצען־טייל; אין זאאלאגיע — א נאדעל־עהנלי־כער אדער שפיציגער קערפער־טייל.

spic′ular *a.* (ספיק׳-יו-לאר) אין זאאלא־גיע — שפיציג, פערשפיצט, מיט שפיצען.

spic′ular nota′tion (ספיק׳-יו-לאר נא-טיי׳-שאן) געוויסע בעצייכנונגען אין לאגיק.

spic′ulate *v. and a.* (ספיק׳-יו-לייט) פערשפיצען, צושפיצען; פערשפיצט, בע־דעקט מיט שפיצען.

spic′ule *n.* (ספיק׳-יול) א שפיציגע זאך, עטוואס וואס האט שפיצען; אין זאלא־גיע — א הארטער שפיציגער קערפער אדער קערפער־טייל; א הארעלע פון א זאנג; א קליינער זאנגען־עהנליכער טייל פון א פלאנצע.

spic′uliform *a.* (ספיק׳-יו-לי-פארם) זאנגען־עהנליך, עהנליך צו א זאנגען־הערע־לע; שפיציג.

spi′cy *a.* (ספאי׳-סי) ווירציג, געווירצט; רייך אין געווירצען; אראמאטיש; פעפער־דיג, שארף, בייסענד; געפוצט, פראנטיש.

spi′der *n.* (ספאי׳-דער) א שפין [ז. איל.]; די ים־שפין [אזא קרעבס אדער ראק [ז. *spider-crab*]; א דריי־פוס; אזא טיעפע פאן מיט א לאנגען הענטעל; א פאן אויף פיסלעך; א שפינען־עהנליכער מאשינען־טייל.

Spider

spi′der-ant *n.* (ספאי׳-דער-ענט) די שפין־מוראש־קע [אזא שפין־עהנליכע מוראש־קע].

spi′der-bug *n.* (ספאי׳-דער-באג) דער שפין־וואנץ [אזא לאנגפיסיגער אינ־זעקט].

spi′der-catch′er *n.* (ספאי׳-דער-קעטש׳-ער) דער שפינען־כאפער [אזא אינדא־מאלאאישעס פויגעלע מיט א לאנ־גען שנאבעל]; דער מויער־שפעכט [אזא פויגעלע. ז. *wall-creeper*].

spi′der-cot *n.* (ספאי׳-דער-קאט) ז. *spider-web*

spi′der-crab *n.* (ספאי׳-דער-קרעב) די ים־שפין, דער טייפעל־קרעבס [אזא קרעבס אדער ראק מיט לאנגע, דינע פיס].



Spider-crab

spi′der-ea′ter *n.* (ספאי׳-דער-איע׳-טער) א שפינען־כאפער. ז. *spider-catcher*

spi′der-fly *n.* (ספאי׳-דער-פלאי) דער שפין־אינזעקט [אזא פאראזיטישער אינ־זעקט וואס האלט זיך אויף אנדערע אינ־זעקטען, אויף חיות אדער פויגלען].

spi′der-hun′ter *n.* (ספאי׳-דער-האנ׳-טער) א שפינען־כאפער. ז. *spider-catcher*

spi′der-line *n.* (ספאי׳-דער-לאין) א שפינוועבס־פאדים וואס ווערט געברויכט ביי אסטראנאמישע אונטערזוכונגען אין א מיקראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען קליינע מאסען אדער לענגען].

spi′der-mon′key *n.* (ספאי׳-דער-מאנ׳-קי) א שפינען־אפע [אזא גרויסע מאלפע מיט דינע לאנגע פיס און מיט א לאנגען עק. דאס פלייש פון אייניגע מינים פון דיזע אפען ווערט געברויכט אלס שפייז. זייער פעל האט א בעדייטענדען ווערטה].

spi′der-net *n.* (ספאי׳-דער-נעט) נעץ־ווערק אין דער פארם פון שפינוועבס; דאס פערציערוועזן אדער פערשטאפען אזוי אז עס זאל זיין עהנליך צו שפינ־וועבס.

spi′der-stitch *n.* (ספאי׳-דער-סטיטש) א שפינוועב־עהנליכעס נעהעה [ביים פער־ציערעווען]; א שפינוועב־עהנליכע האפ־טונג.

spi′der-wasp *n.* (ספאי׳-דער-וואספ) די שפינען־וועספע [אזא גרויסע פליעג וואס לעגט איהרע אייעלעך אין שפינען־נעסטען].

spi′der-web *n.* (ספאי׳-דער-הועב) שפינוועב.

spi′der-wheel *n.* (ספאי׳-דער-הוויעל) א שפינוועב־עהנליכער אויסגעהאפטעטער מוסטער.

spi′der-work *n.* (ספאי׳-דער-הווארק) א שפינוועב־עהנליכע שטיקעריי.

spi′derwort *n.* (ספאי׳-דער-הווארט) שפינען־גראז [אזא פלאנצע מיט לאנגע בלעטער און צארטע בלויע אדער רויט־ליך־וויאלעטע בלימעלעך].

spi′dery *a.* (ספאי׳-דער-אי) שפינען־עהנליך.

spie′gel *n.* (ספיגעל) ז. *spiegeleisen*

spie′geleisen *n.* (ספיע׳געל-אי-זען) שפיעגעל־אייזען [אזא גוס־אייזען, וואס ענטהאלט אין זיך א גרויסען פראצענט מאנגאן אדער ברוינשטיין].

spie′gelerz *n.* (ספיע׳געל-ערץ) שפיעגעל־אייזענשטיין. ז. *ironstone*

spie′gel-i′ron *n.* (ספיע׳געל-אי׳-ערן) ז. *spiegeleisen*

spi′er *n.* (ספאי׳-ער) א שפיאן.

spif′licate *v.* (ספיפ׳-לי-קייט) שטיקען, ווארגען, דערשטיקען; טויטען.

spiflica′tion *n.* (ספיפ-לי-קיי׳-שאן) דערווארגונג, דערשטיקונג; פערניכטונג, טויטונג.

spig′nel *n.* (ספיג׳-נעל) ז. *spicknel*

spig′net *n.* (ספיג׳-נעט) דער אמערי־קאנישער נארד. ז. *spikenard*

spig′ot *n.* (ספיג׳-אט) א צאפען, א שפונט [פון א פעסעל].

spig′ot-pot *n.* (ספיג׳-אט-פאט) א ליי־מענע אדער פארצעלייענע כלי מיט אן עפנונג פאר א צאפען.

spike *n. and v.* (ספאיק) א שארפער שפיץ; א פערשפיצונג; א פלאקען; א לאנגער טשוואק, א באלץ; א קליז, א שפונט, א צאפען; אן אייזענדעל אויף א שוך־זויל [צו פערהיטען פון אויסגלי־טשונג]; א זאנג; א זאנג־עהנליכע פלאנ־צע; די נארטען־לאווענדעל [אזא פלאנ־

צען]; א גלייכער הארן פון א יונגען הירש: פערשפיצען; אויסשלאגען אדער בעפעס-טיגען מיט באלצען אדער מיט לאנגע טשוועקעס; פערקלאפען מיט א קלין אדער מיט א שפונט; אויסזעצען מיט שפיצען [ווי למשל, א טויער, א וואנד א. ז. וו.].

spike'bill *n.* (ספאיק'-ביל) דער קאל-בען-טויכער [אזא קאטשקע [ז. *merganser*]; אזא פוהל-שנעפע [ז. *godwit*].

spike'-extrac'tor *n.* (ספאיק'-עקס-טרעק'-טאר) אן אפאראט ארויסצוציהען טשוועקעס אדער באלצען.

spike'-grass *n.* (ספאיק'-גרעס) אזא הארטעס, אמעריקאנישעל גראז וואס וואקסט אויף זאמדיגען באדען ביי די ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן.

spike'horn *n.* (ספאיק'-האהרן) דער הארן [הויפטזעכליך א גלייכער] פון א יונגען הירש; א יונגער הירש [א זכר].

spike'-lav'ender *n.* (ספאיק'-לעווי-ען-דער) די גארטען-לאווענדעל. ז. *lavender*.

spike'let *n.* (ספאיק'-לעט) א זאנגעל; א קליינע זאנג-עהנליכע בליהונג.

spike'-nail *n.* (ספאיק'-נייל) א לאנגער טשוואק, א קלין, א באלץ.

spike'nard *n.* (ספאיק'-נארד) אינדישער נארד [אזא ארא-מאטישע געוויקס-פלאנצע]; נארד, נארדען-בשמים [נרד].

Spikenard

spike'nard-tree *n.* (ספאיק'-נארד-טריע) א מין אמע-ריקאנישע גראז-פלאנצע מיט א די-קען ווארצעל, וואס ווערט געברויכט אלס הייל-מיטעל.

spike'-oil *n.* (ספאיק'-איל) לא-ווענדעל-אויל. ז. *lavender*.

spi'ker *n.* (ספאי'-קער) אן ארבייטער וואס שלאגט אריין באלצען אין די שיע-נען [רעלסען].

spike'-rush *n.* (ספאיק'-ראש) די טייך-בינזע [אזא פלאנצע].

spike'-team *n.* (ספאיק'-טים) א גע-שפאן פון דריי פערד, אקסען א. ז. וו., פון וועלכע צוויי זיינען געשפאנט אין די אלאבליעס און דער דריטער געהט פארויס.

spi'ky *a.* (ספאי'-קי) שפיציג; עהנליך צו א טשוואק אדער באלץ; אויסגעזעצט מיט שפיצען אדער באלצען.

spile *n.* and *v.* (ספאיל) א פאליע, א פלאקען; א צאפען, א שפונט; מאכען אן עפענונג און פערשטאפען מיט א צאפען; אנשלאגען פאליעס אדער פלעקער.

spile'-hole *n.* (ספאיל'-האול) א צאפען-לאך, א שפונט-לאך.

spil'ikin *n.* (ספיל'-אי-קין) ז. *spillikin*.

spill *v.* and *n.* (ספיל) אויסגיסען, פער-גיסען, זיך פערגיסען; פערשיטען, אויס-שיטען, זיך פערשיטען; פערשווענדען; אראבווארפען פון א פערד אדער וואגען; בעפרייען א זעגעל פון ווינד; א ווארף אדער פאל פון א פערד אדער פון אווא-גען; א גוס, א שטראם; א שפינדעל; א שטיקעל האלץ אדער פאפיער צום אנצינ-דען עפעס.

spill'-case *n.* (ספיל'-קייס) א קליינע פערציערונגס-וואזע אויף א קאמין צום האלטען שטיקלעך האלץ צום אנצינדען עפעס.

spill'-chan'nel *n.* (ספיל'-טשען'-על) ז. *spill-stream*.

spill'er *n.* (ספיל'-ער) איינער וואס פערשיט אדער פערגיסט.

spil'likin *n.* (ספיל'-אי-קין) א לאנג שטיקעל האלץ, ביין א. ד. ג., וואס ווערט געברויכט ביי געוויסע שפיעלען; א שפיעל מיט אזעלכע שטעקלעך [ז. *jackstraw*]; שטיקלעך האלץ וואס ווערען געברויכט ביי געוויסע שפיעלען, אום צו האלטען חשבון.

spill'ing-line *n.* (ספיל'-אינג-לאין) א שטריק וואס ווערט אין א שטורם צו-געבונדען צו א זעגעל, אום צו בעפרייען דעם זעגעל פון ווינד.

spill'-stream *n.* (ספיל'-סטרים) א פלוס אדער שטראם וואס בילדעט זיך פון דער פערפלייצונג פון א טייך.

spill'way *n.* (ספיל'-הוויי) אן אבפלוס-ארט פאר דעם וואסער פון א רעזער-וואואר.

spilt (ספילט) פערגאסען; פערשאטען. ז. *spill*.

spilth *n.* (ספילטה) עטוואס וואס ווערט פערגאסען; אן איבערפלוס.

spi'lus *n.* (ספאי'-לאס) א פלעק אויף'ן לייב; א געבורטס-צייכען.

spin *v.* and *n.* (ספין) שפינען; שנעל דרעהען אין דער רונד, ווירבלען; "אויס-שפינען" פון קאפ; אויסציהען אין דער לענג; אויסדרעהען פון בלעך אויף א טאק-מאשין א רונדע כלי; אויסבראקי-רען ביי אן עקזאמען; זיך דרעהען שנעל אין דער רונד ווי א דריידעל; זיך ווירב-לען; ארויסשפריצען מיט א דינעם שטראם; שנעל געהן; שנעלע דרעהונג אין דער רונד; דאס ווירבלען; א שנעלע בעוועגונג.

spin'ach *n.* (ספינ'-עדזש) ספינאט [אזא גארטען-פלאנצע מיט דיקע בלעטער וואס ווערט געברויכט אלס שפייז].

spin'age *n.* (ספינ'-עדזש) ז. *spinach*.

spi'nal *a.* (ספאי'-נעל) וואס געהערט צום רוקען-ביין אדער צו דעם ווירבעל-זייל.

spi'nal col'umn (ספאי'-נעל קאל'-אם) דער ווירבעל-זייל, דער רוקען-ביין.

spi'nal cord (ספאי'-נעל קאהרד) דער חוט השדרה, דער רוקען-ביין מארך.

spi'nal mar'row (ספאי'-נעל מער'-או) ז. *spinal cord*.

spi'nate *a.* (ספאי'-נייט) בעדעקט מיט שטאכלען אדער נאדלען; שטאכעלדיג, נא-דעלדיג.

spi'nated *a.* (ספאי'-נע-טעד) ז. *spinate*.

spin a yarn (ספין ע יארן) דערצעה-לען א לאנגע געשיכטע.

spin'dle *n.* and *v.* (ספינדל) א שפינ-דעל פון א שפין-רעדעל; אירגענד וועל-כער פערשפיצטער שטיפט וואס דרעהט זיך; א צאפען [דער דינער ענד פון א וואל אדער אקס]; א קליינער אקס אדער וואליק; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שפינדעל; אין געאמעטריע — א קערפער וואס ווערט געבילדעט דורך דער ראטא-ציאן [דרעהונג] פון א געבויגענער לי-ניע אדער קרייז-בויגען ארום זיין כארדע [זעהנע]; א דינער שטענגעל פון א פלאנ-צע; די שפינדעל-שנעקע [אזא שנעקע וואס ליגענט אין א מושעל וואס איז עהנ-ליך צו א שפינדעל]; א לענגען-מאס פאר פאדים: פאר באוול 15,120 יארד און פאר פלאקס 14,400 יארד; אויסוואקסען אין א לאנגען און דינעם שטענגעל.

spin'dle-legged *a.* (ספינ'דל-לעגד) מיט לאנגע, דינע פיס.

spin'dle-legs *n.* (ספינ'דל-לעגז) א הויכער מענש מיט לאנגע דינע פיס; לאנגע דינע פיס.

spin'dle-shanked *a.* (ספינ'דל-שענקט) ז. *spindle-legged*.

spin'dle-shanks *n.* (ספינ'דל-שענקס) ז. *spindle-legs*.

spin'dle-shaped *a.* (ספינ'דל-שייפט) וואס האט די פארם פון א שפינדעל.

spin'dle-shell *n.* (ספינ'דל-שעל) א שפינדעל-מושעל [א מושעל, וואס איז עהנליך צו א שפינדעל].

spin'dle-worm *n.* (ספינ'דל-הוואירם) דער שפינדעל-ווארים [אזא ווארים וואס צופרעסט קוקורוזע אדער מערקישע ווייץ].

spind'ling *a.* and *n.* (ספינד'-לינג) עהנליך צו א שפינדעל, לאנג און דין; א לאנגע און דינע זאך; א הויכער, מא-גערער מענש.

spind'ly *a.* (ספינד'-לי) עהנליך צו א שפינדעל; לאנג און דין.

spine *n.* (ספאין) דער רוקען-ביין; א שטאכעל; א נאדעל [פון א בוים]; א שטאכעל-עהנליכער אנוואוקס אדער ארויס-שטארצונג.

spined *a.* (ספאינד) וואס האט א רוקען-ביין; שטאכעלדיג, מיט שטאכלען; נא-דעלדיג.

spin'el *n.* (ספינ'-על) דער שפינעל [אזא מינעראל וואס געפינט זיך אין פערשיעדענע קאלירען און ווערט בענוצט אלס איינפאססונגס-שטיין פאר ציערונג]. ז. איל. *"Gems"*.

spine'less *a.* (ספאינ'-לעס) אהן א רו-קען-ביין; שוואך, אהן ענערגיע, אהן קו-ראזש, וואס האט נים קיין פעסטקייט; וואס האט ווייכע פלוס-פעדערען, וואס האט נים קיין שטאכלען אין די פלוס-פעדערען [ווענען פיש].

spinelle' *n.* (ספי-נעל') ז. *spinel*.

spin'el ru'by (ספינ'-על רוה'-בי) דער רובין-שפינעל [דער רויטער שפינעל וואס ווערט בענוצט אלס איינפאססונגס-שטיין אין ציערונג].

spines'cent *a.* (ספאי-נעס'-ענט) וואס פערוואנדעלט זיך אין דערנער אדער שטאכלען; דערנערדיג, שטאכעלדיג.

spin'et *n.* (ספינ'-עט) א שפינעט [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט, עהנליך צו אן אלטמאדישען קלאוויר].

spin hay (ספין היי) דרעהען שטריק פון היי ווי דאס ווערט געטהאן פאר מי-ליטערישע צוועקען.

spinif'erous *a.* (ספאי-ניפ'-ע-ראס) וואס ניט ארויס דערנער אדער שטאכלען; דערנערדיג, שטאכעלדיג.

spi'niform *a.* (ספאי'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון א שטאכעל אדער דארן.

spin'nage *n.* (ספינ'-עדזש) ז. *spinach*.

spin'naker *n.* (ספינ'-ע-קער) אזא גרויסער זעגעל אויף דעם הויפט-מאסט פון א שיף געגענאיבער דעם הויפט-זעגעל.

spin'ner *n.* (ספינ'-ער) א שפינער, א שפינערין; א שפין-מאשין; א שפין; דער שפין-ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד-ווארים; אן ארבייטער וואס בוינט

אויס בלעכענע כלים אויף א דרעה־באנק אדער טאק־מאשין.

spin'neret *n.* (ספינ'־ער־עט) דער שפין־ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד־ווארים.

spin'nery *n.* (ספינ'־ער־אי) א שפינעריי, א שפין־פאבריק.

spin'ney *n.* (ספינ'־אי) א קליין וועלדעל, א וועלדעל פון קליינע ביימלעך.

spin'ning *n.* (ספינ'־אינג) דאס שפינען; שפינעריי; דאס אויסבויגען בלעכענע כלים אויף א דרעה־באנק אדער טאק־מאשין.

spin'ning-frame *n.* (ספינ'־אינג־פריים) א שפין־שטוהל, א שפין־מאשין.

spin'ning-jen'ny *n.* (ספינ'־אינג־דזשענ'־אי) א שפין־מאשין וועלכע שפינט איינִיגע פעדים מיט אמאל.

spin'ning-machine' *n.* (ספינ'־אינג־מע־שין') א שפין־מאשין.

spin'ning-mill *n.* (ספינ'־אינג־מיל) א שפינעריי, א שפין־פאבריק.

spin'ning-or'gan *n.* (ספינ'־אינג־אהר'־גען) דער שפין־ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד־ווארים.

spin'ning-wheel *n.* (ספינ'־אינג־הוויעל) א שפין־רעדעל.



Spinning-wheel

spin'ny *n.* (ספינ'־אי) ז. *spinney*

spi'nose *a.* (ספאי'־נאוס) דערנערדיג; שטאכעלדי, נאדעלדיג.

spi'nosely *adv.* (ספאי'־נאוס־לי) מיט שטאכלען, מיט נאדלען; דערנערדיג.

spinos'ity *n.* (ספאי־נאס'־אי־טי) דאס זיין דערנערדיג אדער שטאכעלדיג; א דערנערדיגע זאך; דאס זיין פול מיט דערנער; א שווירינקייט.

spi'nous *a.* (ספאי'־נאס) שטאכעלדיג, נאדעלדיג; מיט שטאכלען; שטעכיג; שפיציג.

spin out (ספין אוט) פערציהען, אויסציהען אין דער לענג; פערשלעפען.
Do not let us **spin out** the proceedings.

Spino'zism *n.* (ספי־נאו'־זיזם) שפינאזיזם, די פילאזאפישע לעהרע פון ברוך שפינאזא [געב. 1632, געשט. 1677]. שפינאזא האט געלערענט, אז אלץ וואס איז אין דער וועלט, איז אדער א "סובסטאנץ", ד. ה. אז "עפעס" וואס האט אין זיך פערשיעדענע אייגענשאפטען, אדער אן "אטריבוט", ד. ה. א נויטווענדיגע אייגענשאפט, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאס וועזען פון דער סובסטאנץ, אדער א "מאדוס", ד. ה. א צופעליגער צושטאנד אדער פארם, אין וועלכער עס געפינט זיך די סובסטאנץ. דאס אבסאלוטע אדער "גאט" איז די איינציגע סובסטאנץ, וועלכע איז אונבעגרענצט, אונענדליך, פאלקאם און איז כולל אין זיך די גאנצע וועלט. פון דער אונענדליכער צאהל אטריבוטען, וועלכע קענען זיין אנגעהעריג דיעזער איינציגער סובסטאנץ, זיינען דענקליך פאר אונז נור צוויי: אויסדעהנונג און געדאנק, און דיזע צוויי אטריבוטען ציינען זיך ארויס אין יעדען "מאדוס", ד. ה. אין יעדער איינצעלנער זאך פון דער וועלט. יעדער מאדוס, יעדע איינצעלנע זאך איז פון דעם שטאנדפונקט פון אויסדעהנונג — "מאטעריע", און פון שטאנדפונקט פון געדאנק — "גייסט". אויף אזא אופן זיינען גייסט און מאטעריע ניט צוויי בעזונדערע סובסטאנצען, נאר ביידע זיינען "אטריבוטען" אדער וועזענטליכע אייגענשאפטען פון איין איינציגער סובסטאנץ פון גאט, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט אויף די וועלט.

Spino'zist *n.* (ספי־נאו'־זיסט) אן אנהענגער פון שפינאזא'ס פילאזאפיע. ז. *Spinozism*

spin'ster *n.* (ספינ'־סטער) א שפינערין; אן עלטערע אונפערהייראטע פרוי; אן אונפערהייראטע פרוי; אן אלטע מויד.

spin'sterhood *n.* (ספינ'־סטער־הוד) דאס אונפערהייראטע לעבען [פון א פרוי]; דאס זיין אן אלטע מויד.

spin'stership *n.* (ספינ'־סטער־שיפ) ז. *spinsterhood*

spin street'-yarn (ספין סטריעט'־יארן) זיך ארומשלאיען אין די גאסען, ארומגעהן פוסט און פאס; ארומגעהן דערצעהלען בבא־מעשיות.

spin'stress *n.* (ספינ'־סטרעס) א שפינערין.

spin'there *n.* (ספינ'־טהיער) אזא גרינגרויער טיטאניט־שטיין.

spin'ule *n.* (ספינ'־יול) א קליינער שטאכעל, א קליינער דארן.

spin'ulose *a.* (ספינ'־יו־לאוס) בעוואקסען מיט קליינע שטאכלען.

spi'ny *a.* (ספאי'־ני) שטאכעלדיג, נאדעלדיג, שטעכיג; דערנערדיג; שוויריג, מיהזאם, פערפלאנטערט.

spir'acle *n.* (ספיר'־עקל) א לאך, אן עפנונג; א שוויים־פארע [א שוויים־לעכעל]; א לופט־רעהר, א לופט־עפנונג אין קערפער.

spirac'ular *a. and n.* (ספאי־רעק'־יו־לאר) וואס איז שייך צו אן אטעמונגס־עפנונג; צוגעפאסט צום אטעמען; א ביינדעל אדער בראמשקע ביי דער אטעמונגס־עפנונג פון פיש.

spirac'ulum *n.* (ספאי־רעק'־יו־לאם) ז. *spiracle*

Spiræ'a *n.* (ספאי־ריע'־א) א מין ראזען־פלאנצען מיט ווייסע אדער ראזע בלומען.

spi'ral *a., n. and v.* (ספאי'־רעל) ווי א שפיראלע, שפיראל־פערמיג; צונויפגעדרעהט; עהנליך צו א שרויפען־ליניע; א שפיראל־ליניע; א שרויפען־ליניע; א שפיראל־פעדער, א שפיראל־פרוזשינע; מאכען שפיראל־פערמיג.

spiral'ity *n.* (ספאי־רעל'־אי־טי) שפיראל־פערמינקייט.

spi'ral line (ספאי'־רעל לאין) א שפיראל־ליניע [א ליניע געדרעהט ווי א שפיראלע]; א שרויפען־ליניע.

spi'rally *adv.* (ספאי'־רעל־אי) אויף דעם אופן פון א שפיראלע.

spi'rant *n.* (ספאי'־רענט) א ספיראנט, א הויך־לויט [א קאנזאנאנט וואס ווערט אויסגעשפראכען אויסהויכענדיג אדער ארויסלאזענדיג אטעם, ווי די בוכשטאבען *f*, *v* א. ד. ג.].

spira'tion *n.* (ספאי־ריי'־שאן) דאס הויכען, אטעמונג, א הויך.

spire *n. and v.* (ספאיר) א טורם־שפיץ; א שפיציגער טורם; א שפיץ; א דינער לאנגער גראז־שטענגעל; א שפיראלע; איין ווענדונג אדער איין רינגעל פון א שפיראלע; א מאטעמאטישע ליניע וואס בעשטעהט פון אן איינצעלנער ווענדונג פון א שפיראלע; אין מינען — דער ראהר וואס פיהרט דעם צינדער צו דעם אויפרייס־פולווער אין שפרענג־לאך; דער זכר פון די רויטע הירשען אין זיין דריטען יאהר; בעזארגען מיט א שפיץ אדער שפיצען; אויסבויען מיט שפיציגע טורמס; אבשפיצען, מאכען מיט א שפיץ; אויסוואקסען מיט א שפיץ; ארויסלאזען שפיציגע ווארצעלעך [ווי קערנער ווען מען האלט זיי אין דער פייכטקייט].



Spires

spired *a.* (ספאירד) וואס האט א שפיציגען טורם [ווי א קלויסטער]; מיט א שפיץ, צוגעשפיצט.

spire'-light *n.* (ספאיר'־לאיט) א פענסטער אין א טורם־שפיץ.

spir'it *n. and v.* (ספיר'־איט) דער גייסט, די זעעלע, די נשמה; גייסט, מוטה, קוראזש, פייער, ענערגיע; א מענש מיט גייסט, ענערגיע, קוראזש א. ז. וו.; א גייסט, אן איבערנאטירליכעס וועזען, א מלאך, א רוח, א שד; דער גייסט, דער עסענץ, די ווירקליכע בעדייטונג [אין געגענזאץ צו דער בוכשטעבליכער]; ספיריטוס, ספיריט; א טינקטור [עטוואס אויפגעלעזט אין ספיריטוס אלס א מעדיצין]; בעגייסטערען, אויפמונטערען, בעלעבען, ערמוטיגען; אוועקפיהרען אין געהיים אדער מאכען פערשווינדען ווי דורך א רוח; בעהאנדלען מיט ספיריטוס.

Spir'it *n.* (ספיר'־איט) דער הייליגער גייסט [ביי די קריסטען].

spir'it-blue *n.* (ספיר'־איט־בלוה) אנאלין־בלוי [א פארב וואס מען בעקומט פון קויהל־טער און וואס ווערט צולאזען אין ספיריטוס].

spir'it-but'terfly *n.* (ספיר'־איט־באט'־ער־פלאי) אזא שמעטערלינג [זומער־פויגעלע] וואס געפינט זיך אין די הייסע גענענדען פון אמעריקא.

spir'it-duck *n.* (ספיר'־איט־דאק) דער בופעל־קאפ [אזא אמעריקאנער קאטשקע וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר בליץ־שנעלען אונטערטונקען זיך אין וואסער].

spir'ited *a.* (ספיר'־אי־טעד) לעבהאפט, מונטער, מוטיג, בעלעבט, פייעריג; וואס האט א גייסט פון א בעשטימטען כאראקטער [ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

spir'itedly *adv.* (ספיר'־אי־טעד־לי) אויף א לעבהאפטען אופן; מונטער, מוטיג; מיט קוראזש; מיט פייער.

spir'itedness *n.* (ספיר'־אי־טעד־נעס) לעבהאפטיגקייט, מוטיגקייט, מונטערקייט.

spir'it-gum *n.* (ספיר'־איט־גאם) אזא

קלעפּינער שטאָף וואָס טריקענט שנעל [ווערט געברויכט פון אַקטיאָרען צוצוקלעפּען בערד א. ז. וו.].

spir'iting *n.* (ספּיר'-אי-טינג) גייסטער־אַרבייט, צויבעריי; אַרבייט וואָס ווערט געמאַכט זעהר שנעל און שטיל ווי פון אַ גייסט.

spir'itism *n.* (ספּיר'-אי-טיזם) ספּיריטיזם, דאָס גלויבען אין דעם פערקעהר פון גייסטער מיט מענשען. ז. ***spiritualism***

spir'itist *n.* (ספּיר'-אי-טיסט) אַ ספּיריטיסט, אַ גלויבער אין ספּיריטיזם. ז. ***spiritism***

spiritis'tic *a.* (ספּיר-אי-טיס'-טיק) ספּיריטיסטיש, אין איינקלאַנג מיט ספּיריטיזם. ז. ***spiritism***

spir'it-lamp *n.* (ספּיר'-איט-לעמפּ) אַ ספּיריטוס־לאַמפּ.

spir'itless *a.* (ספּיר'-איט-לעס) מוטלאָז, אָהן מוטה, אָהן קוראַזש; נידערגעשלאַגען, אומעטיג; לעבענסלאָז, טויט.

spir'itlessly *adv.* (ספּיר'-איט-לעס-לי) אויף אַ מוטלאָזען אופן; אָהן מוטה, אָהן קוראַזש; מיט נידערגעשלאַגענהייט; אומעטיג; לעבענסלאָז, טויט.

spir'itlessness *n.* (ספּיר'-איט-לעס-נעס) מוטלאָזיגקייט; אומעטיגקייט, נידערגעשלאַגענקייט; אַבגעלאָזענקייט, לעבענסלאָזיגקייט.

spir'it-lev'el *n.* (ספּיר'-איט-לעוו'-על) אַ ניוועליער־וואָג [ווי אַ וואַסער־וואָג א. ד. ג. צו מעסטען האָריזאָנטאַלע פלעכען].

spir'it-me'ter *n.* (ספּיר'-איט-מי'-טער) אַן אַפּאַראַט צו מעסטען די מאָס ספּיריטוס וואָס פליסט פון אַ דיסטיליר־ראָהר.

spir'it of the age (ספּיר'-איט אָוו טהי איידזש) דער צייט־גייסט.

spir'it of tur'pentine (ספּיר'-איט אָוו טויר'-פּענ-טאַין) טערפּענטין־אויל.

spir'it of wine (ספּיר'-איט אָוו הוואַין) אַלקאָהאָל, ספּיריטוס, בראַנפּען.

spirito'so *adv.* (ספּיר-אי-טאָו'-סאָו) אין מוזיק — לעבהאַפט, מונטער, ענערגיש.

spir'itous *a.* (ספּיר'-אי-טאָס) ווי ספּיריטוס, ריין, ראַפינירט.

spir'itousness *n.* (ספּיר'-אי-טאָס-נעס) דאָס זיין ווי ספּיריטוס, ריינקייט, ראַפּינירטקייט.

spir'it-rap'per *n.* (ספּיר'-איט-רעפּ'-ער) אַ גייסטער־קלאַפּער [איינער וואָס גלויבט, אַז ער קען אַרויסרופען די גייסטער פון טויטע און זיך צונויפריידען מיט זיי דורך קלעפּ וואָס זיי גיבען אויף אַ טיש אַלס ענטפער, אָדער דורך דעם, וואָס זיי מאַכען, אַז דער טיש זאָל זיך שאָקלען, טאַנצען א. ד. ג.].

spir'it-rap'ping *n.* (ספּיר'-איט-רעפּ'-אינג) גייסטער־קלאַפּעריי [דאָס גלויבען אין דער מעגליכקייט פון אַרויסרופען די גייסטער פון טויטע און זיך צונויפריידען מיט זיי דורך די קלעפּ וואָס זיי גיבען אויף אַ טיש אָדער דורך דעם וואָס זיי מאַכען, אַז דער טיש זאָל טאַנצען א. ד. ג.].

spir'its *n.* (ספּיר'-איטס) שפּירט, ספּיריטוס, אַלקאָהאָל; מוטה, קוראַזש, ענערגיע, פייער.

spir'it-stir'ring *a.* (ספּיר'-איט-סטויר'-אינג) וואָס וועקט, רעגט אויף אָדער בעלעבט דעם גייסט.

spir'itual *a.* and *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על) גייסטיג, ניט קערפּערליך, רוחניות'דיג; גייסטליך, קירכליך, הייליג; וואָס איז שייך צום רוח הקדש; ספּיריטיסטיש [ז. ***spiritualism***]; וואָס בעשטעהט בלויז פון גייסט; אַ גייסטיגע זאַך; אַ גייסטליכער; אַ גייסטיגע פּערזאָן.

spir'itual court (ספּיר'-אי-טשו-על קאָורט) אַ קירכען־געריכט.

spiritualisa'tion *n.* (ספּיר-אי-טשו-על-אי-זיי'-שאָן) ז. ***spiritualization***

spir'itualise *v.* (ספּיר'-אי-טשו-על-איז) ז. ***spiritualize***

spir'itualiser *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על-אי-זער) ז. ***spiritualizer***

spir'itualism *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על-איזם) ספּיריטואַליזם, די פילאָזאָפישע לעהרע וואָס בעהויפּטעט, אַז דאָס גייסטיגע וועזען [אין געגענזאַץ צו מאַטעריע] האָט אַ זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ און איז דער עיקר פון אַלע ערשיינונגען [ז. ***idealism***]; די לעהרע אַז דער מענש בעזיצט אַן אונשטערבליכען גייסט און ער האָט מאָראַלע בעציהונגען צו גאָט; ספּיריטיזם, דאָס גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער וועלכע שטעהען אין פערבינדונג מיט מענשען [מיטטעלס דורך אַ מעדיום]; גייסטיגקייט, דאָס זיין גייסטיג.

spir'itualist *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על-איסט) אַ ספּיריטואַליסט, אַן אָנהענגער פון ספּיריטואַליזם; אַ ספּיריטיסט, איינער וואָס גלויבט אין ספּיריטיזם [ז. ***spiritualism***]; אַ גייסטיגער, אַ גייסטליכער.

spiritualis'tic *a.* (ספּיר-אי-טשו-ע-ליס'-טיק) ספּיריטואַליסטיש, וואָס איז שייך צו ספּיריטואַליזם; ספּיריטיסטיש; וואָס איז שייך צו ספּיריטיזם. ז. ***spiritualism***

spiritual'ities *n.* (ספּיר-אי-טשו-על'-אי-טיז) די קירכליכע הכנסות פון אַ גייסטליכען; זאַכען וואָס בעלאַנגען צו אַ קירך אָדער צו אַ קירכען־בעאַמטען.

spiritual'ity *n.* (ספּיר-אי-טשו-על'-אי-טי) גייסטיגקייט; רוחניות'דיגקייט; דאָס וואָס געהערט צו דער קירך.

spiritualiza'tion *n.* (ספּיר-אי-טשו-על-אי-זיי'-שאָן) פערגייסטיגונג; די גייסטיג־מאַכונג; דאָס ציהען ספּיריטוס.

spir'itualize *v.* (ספּיר'-אי-טשו-על-איז) פערגייסטיגען, מאַכען גייסטיג; צוגעבען אַ גייסטיגע בעדייטונג; בעלעבען; ציהען ספּיריטוס; פערוואַנדלען אין ספּיריטוס.

spir'itualizer *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על-אי-זער) אַ פערגייסטיגער, איינער וואָס מאַכט גייסטיג; איינער וואָס בעלעבט.

spir'itual life (ספּיר'-אי-טשו-על לאַיף) דאָס גייסטיגע לעבען.

spir'itually *adv.* (ספּיר'-אי-טשו-על-אי) אויף אַ גייסטיגען אופן; אין אַ גייסטיגען זין; אַזוי ווי אַ גייסט.

spir'itual-min'ded *a.* (ספּיר'-אי-טשו-על-מאַינ'-דעד) וואָס דענקט בלויז וועגען גייסטיגע זאַכען; רעליגיעז געזאָנען.

spir'itual-min'dedness *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על-מאַינ'-דעד-נעס) דאָס זיין פערטהאָן אין גייסטיגע זאַכען; דאָס זיין רעליגיעז געזאָנען.

spir'itualness *n.* (ספּיר'-אי-טשו-על-נעס) גייסטיגקייט.

spir'itual philos'ophy (ספּיר'-אי-טשו-על פי-לאָס'-אָ-פי) די ספּיריטואַליסטישע פילאָזאָפיע. ז. ***spiritualism***

spirituelle' *a.* (ספּיר-אי-טיו-על') גייסטרייך, גראַציעז אָדער דעליקאַט [בעזאָנדערס וועגען אַ פרוי].

spirituos'ity *n.* (ספּיר-אי-טשו-אָס'-אי-טי) גייסטיגקייט, אונקערפּערליכקייט; דער ספּיריטוס־אינהאַלט, דער אַלקאָהאָל־אינהאַלט; די ספּיריטוס־שטאַרקייט.

spirituo'so *adv.* (ספּיר-אי-טשו-אָו'-סאָו) ז. ***spiritoso***

spir'ituous *a.* (ספּיר'-אי-טשו-אָס) וואָס ענטהאַלט ספּיריטוס, וואָס ענטהאַלט פיעל אַלקאָהאָל, שטאַרק; דיסטילירט.

spir'ituousness *n.* (ספּיר'-אי-טשו-אָס-נעס) דאָס ענטהאַלטען אַלקאָהאָל אָדער ספּיריטוס, שטאַרקייט [פון ספּיריטוס]; דאָס זיין דיסטילירט.

spir'itus *n.* (ספּיר'-אי-טאָס) ספּיריטוס; אַן אָטעם־צוג.

spir'it-world *n.* (ספּיר'-איט-הוואָירלד) די גייסטער־וועלט.

spirom'eter *n.* (ספּאַי-ראָמ'-ע-טער) אַ ספּיראָמעטער [אַן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אינהאַלט אָדער קאַפּאַציטעט פון מענשליכע לונגען].

spi'rophore *n.* (ספּאַי'-רא-פאָור) אַן אַפּאַראַט פאַר קינסטליכער אָטעמונג.

spirt *n.* and *v.* (ספּוירט) ז. ***spurt***

spir'ula *n.* (ספּיר'-או-לאַ) דאָס פּאָסטהערנדעל [אַזאַ מין טינט־פיש וואָס האָט אַ שפּיראַל־פערמיגע מושעל אויף דעם הינטערשטען טייל פון קערפּער].

Spirula

spir'ulate *a.* (ספּיר'-או-לייט) שפּיראַל־פערמיג.

spir'y *a.* (ספּאַיר'-אי) וואָס האָט די פאָרם פון אַ שפּיציגען טורם אָדער פון אַ פּיראַמידע; שפּיציג, טורמדיג; איבערפילט מיט טורמס; שפּיראַל־פערמיג; געדרעהט.

spis'sated *a.* (ספּיס'-איי-טעד) פערדיכטעט, געדיכט.

spis'situde *n.* (ספּיס'-אי-טיוד) געדיכטקייט.

spit *n.* and *v.* (ספּיט) אַ בראָט־שפּיז; אַ שפּיץ לאַנד וואָס דרינגט אַריין אין ים; שפּייעכץ; דאָס שפּייען; אַ שפּיי; אַ קליינער דינער רעגען אָדער שנעע; אַ שפּייעכץ־עהנליכע פליסיגקייט ביי פערשיעדענע אינזעקטען; דורכשטעכען מיט אַ בראָט־שפּיז, אַרויפשטעכען אויף אַ בראָט־שפּיז; בראָטען אויף אַ בראָט־שפּיז; אַרויפשטעקען אויף אַ שטענגעל אָדער שטעקען און עס אויפהענגען צום טריקענען; שפּייען; אָנשפּייען; דין רעגענען; אויפגראָבען מיט אַ לאָפּעטע די ערד, פלאַנצען דורך אויפגראָבען די ערד מיט אַ לאָפּעטע.

spit'ball *n.* (ספּיט'-באָהל) אַ צונויפגעקייטער פּאַפּיער־באַל צום וואַרפען.

spit'box *n.* (ספּיט'-באָקס) אַ שפּיי־קעסטעל.

spitch'cock *n.* and *v.* (ספּיטש'-קאָק) אַן אָאַל [וויונע] וואָס איז געשפּאָלטען אין דער לענג און געבראָטען; שפּאַלטען אַן אָאַל אין דער לענג און אָבבראָטען.

spit'-curl *n.* (ספּיט'-קוירל) אַ געקרייזעלטער האָר־לאָק אויף'ן שטערען.

spite *n.* and *v.* (ספּאַיט) אַ טראָץ, אַ להכעיס; בייזהייט, ערגערניס, פערדרוס; אַן אונגליק, אַ צרה; טראָצען, להכעיס טהאָן, ערגערען, קרענקען; האַסען, בעהאַנדלען מיט שנאה אָדער בייזקייט.

spite'ful *a.* (ספאיט'-פול) פיינדזעליג, בייז, להכעיס'דיג.

spite'fully *adv.* (ספאיט'-פול-אי) אויף א שענדליכען אופן; אויף א להכעיס'דיגען, בייזוויליגען אדער פיינדזעליגען אופן.

spite'fulness *n.* (ספאיט'-פול-נעס) להכעיס'דיגקייט; פיינדזעליגקייט, בייזוויליגקייט.

spit'fire *n.* (ספיט'-פאיר) א כעסן, א היץ-קאפ.

spit on (ספיט אן) "שפייען אויף", שענדליך אדער בעליידיגענד בעהאנדלען.

spit'-poi'son *n.* (ספיט'-פאי'זן) א בייזער, גיפטיגער מענש.

spit'-rack *n.* (ספיט'-רעק) א בראט-שפיעז געשטעל [אזא אייזערנער געשטעל צו האלטען די בראט-שפיזען ביים בראטען פלייש].

spit'ted *a.* (ספיט'-עד) ארויפגעשטאכען אויף א בראט-שפיעז, דורכגעשטאכען מיט א בראט-שפיעז; אויסגעוואקסען בלויז אין א שפיץ אבער אהן צווייגען [ווענען די הערנער פון א הירש].

spit'ter *n.* (ספיט'-ער) איינער וואס שטעכט אן פלייש אויף א בראט-שפיעז; א שפייער; א יונגער הירש וואס זיינע הערנער זיינען בלויז אויסגעוואקסען אין שפיצען אבער נאך אהן צווייגען.

spit'ting *n.* (ספיט'-אינג) דאס שפייען; דאס שפריצען פון געשמאלצענעם זילבער אדער פלאטין אין דער צייט פון אבקיהלונג [ווען געשמאלצענעס זילבער אדער פלאטין ווערט לאנגזאם אבגעקיהלט פאנגען אן ביי דעם ענד פון דער אבקיהלונג זיך ארויסרייסען גאזען, וועלכע רייסען מיט זיך מיט שטיקלעך מעטאל, וואס דורך דעם ווערט די אויבערפלעכע אויסגעמאלט אין פערשיעדענע אוזארען].

spit'tle *n.* (ספיטל) שפייעכץ; אזא קליינע לאפעטע.

spit'tly *a.* (ספיט'-לי) עהנליך צו שפייעכץ; שליימיג.

spittoon' *n.* (ספי-טוהן') א שפיי-קעסטעל, א שפיי-שיסעלע.

spit upon' (ספיט א-פאן') ז. *spit on*.

spit'-ven'om *n.* (ספיט'-וועני'-אם) גיפט-שפייעכץ, גיפטיגע שפייעכץ.

spitz *n.* (ספיטס) א שפיטץ-הונד [אזא קליין הינטעלע].

spitz'-dog *n.* (ספיטס'-דאג) ז. *spitz*.

splanch'nic *a. and n.* (ספלענק'-ניק) וואס געהערט צו דער אינגעווייד; א נערוו פון אינגעווייד.

splanchnol'ogy *n.* (ספלענק-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען דער אינגעווייד.

splash *v. and n.* (ספלעש) שפריצען; בעשפריצען; בעניסען אדער בעשפריצען מיט וואסער; בעפוצען מיט שפרענקעלעך ווי בעשפריצט; פליושקען, פלעסקען זיך אין וואסער; א פלעסק [פליושק] טהאן, פאלען מיט א פלעסק [א פליושק]; א בעשפריצונג [פון וואסער אדער אנדער פליסיגקייט]; א פלעשטש אדער פליוכע [פון וואסער אדער בלאטע]; א שמוץ-פלעק, א פלעק פון בלאטע; א פלעק אויף דער הויט; שמינקע, געזיכטס-פודער; אן ארט אין וואסער וואו א פיש ווארפט ארויס זיינע רויגען [איקרע].

splash'-board *n.* (ספלעש'-באורד) א שפריץ-ברעט [דאס ברעט אין פארענט פון א וואגען אדער קארעטע וואס שיצט די פאסאזשירען, אז זיי זאלען ניט בעשפריצט ווערען מיט בלאטע אדער שמוץ וואס ווערט געווארפען פון דעם פערד'ס פיס].

splash'er *n.* (ספלעש'-ער) א שפריצער; דאס געשפריצטע; א פארריכטונג וואס שיצט פון בעשפריצט צו ווערען; א שפריץ-ברעט [אזא ברעט איבער די רעדער אדער אין פארענט פון א וואגען צו שיצען די פאסאזשירען פון בעשפריצט צו ווערען מיט בלאטע].

splash'-wing *n.* (ספלעש'-הווינג) ז. *splash-board*.

splash'y *a.* (ספלעש'-אי) בלאטיג, קויטיג, שמוציג.

splat'ter *v.* (ספלעט'-ער) זיך פליושקען אדער פלעסקען [ווי אין וואסער]; א פליוך טהאן; מאכען א גערויש ווי פון א פליוך אדער פלעסק פון וואסער.

splat'ter-dash *n.* (ספלעט'-ער-דעש) א ליארם, א טומעל, אן אויפרוהר.

splat'ter-faced *a.* (ספלעט'-ער-פייסט) מיט א ברייטען אדער פלאטשיגען פנים.

splay *v., n. and a.* (ספליי) אויסלינקען [ווי די פלייצע פון א פערד]; מאכען שרעג אדער משופע ווי די זייטען פון א פענסטער אין א דיקער מויער-וואנד; אויפשניידען, אויסלעגען, אויסשפרייטען, ארויסשטעלען צום אנזיכט; א שרעגע אדער משופע'דיגע פלעכע ווי די זייטען פון א פענסטער אדער טהיר אין א דיקער מויער-וואנד; אויסגעשפרייט, אויסגעלעגט; ברייט און פלאך; אונגעלומפערט.

splay'-foot *n. and a.* (ספליי'-פוט) א ברייטער פלאכער פוס וואס איז אביסעל אויסגעבויגען נאך אויסען; וואס האט ברייטע און פלאכע אויסגעבויגענע פיס; קרום-פיסיג.

splay'-foot'ed *a.* (ספליי'-פוט'-עד) קרום-פיסיג; וואס האט ברייטע און פלאכע אויסגעבויגענע פיס.

splay'-mouth *n.* (ספליי'-מאוטה) א גרויס, ברייט מויל; א ברייט, גרויס מויל וואס ווערט געמאכט דורך א גרימאסע.

splay'-mouthed *a.* (ספליי'-מאוטהט) מיט א ברייטען, גרויסען מויל; וואס מאכט א ברייט, גרויס מויל, ווי דורך א גרימאסע.

spleen *n. and v.* (ספליען) די מילץ; מעלאנכאליע, מרה-שחורה; צארן, ערגער, בייזקייט; ארויסנעהמען אדער צושטערען די מילץ.

spleen'ful *a.* (ספליענ'-פול) ערגערליך, פערדריסליך; מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

spleen'fully *adv.* (ספליענ'-פול-אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה-שחורה'דיגען אופן; ערגערליך, פערדריסליך.

spleen'ish *a.* (ספליענ'-איש) נערייצט, רייצבאר; ערגערליך, בייז; מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

spleen'ishly *adv.* (ספליענ'-איש-לי) מיט גערייצטקייט; ערגערליך, בייז.

spleen'ishness *n.* (ספליענ'-איש-נעס) מעלאנכאליע, מרה-שחורה; דאס זיין מעלאנכאליש אדער מרה-שחורה'דיג; ערגער, בייזקייט.

spleen'less *a.* (ספליענ'-לעס) אהן א מילץ; ניט ערגערליך, גוטמיטיג.

spleen'y *a.* (ספליענ'-אי) ערגערליך, בייז, אויפגערעגט, אויפגערייצט, רייצבאר.

splenal'gia *n.* (ספלי-נעל'-דזשי-א) מילץ-שמערצען.

splenal'gic *a.* (ספלי-נעל'-דזשיק) וואס ליידעט פון מילץ-שמערץ.

splenal'gy *n.* (ספלי-נעל'-דזשי) ז. *splenalgia*.

splenaux'e *n.* (ספלי-נאהק'-סיע) אויסברייטונג אדער פערגרעסערונג פון דער מילץ.

splen'dent *a.* (ספלענ'-דענט) גלאנצענד, שיינענד; פרעכטיג, גלענצענד.

splen'did *a.* (ספלענ'-דיד) גלענצענד, פרעכטיג, הערליך; אויסגעצייכענט, גרויסארטיג.

splen'didly *adv.* (ספלענ'-דיד-לי) אויף א גלענצענדען אופן; פרעכטיג; גרויסארטיג, אויסגעצייכענט.

splen'didness *n.* (ספלענ'-דיד-נעס) דאס זיין גלענצענד; פרעכטיגקייט, הערליכקייט.

splendif'erous *a.* (ספלענ-דיפ'-ע-ראס) ז. *splendid*.

splen'dor *n.* (ספלענ'-דאר) גלאנץ, פראכט; עלעגאנץ, הערליכקייט.

splen'dorous *a.* (ספלענ'-דאר-אס) גלענצענד, העל, פרעכטיג.

splen'dor prune (ספלענ'-דאר פרוהן) אזא אמעריקאנישע פלוים. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

splen'dour *n.* (ספלענ'-דאר) ז. *splendor*.

splen'drous *a.* (ספלענ'-דראס) ז. *splendorous*.

splenec'tomy *n.* (ספלי-נעק'-טא-מי) אויסשניידונג פון דער מילץ.

splenecto'pia *n.* (ספליע-נעק-טאו'-פי-א) א ניט ריכטיגע לאגע פון דער מילץ.

splenet'ic *a. and n.* (ספלי-נעט'-איק) וואס איז שייך צו דער מילץ; וואס ליידעט פון מילץ-קראנקהייט; בייז, אויפגערעגט; אומעטיג, מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג; רייצבאר; איינער וואס ליידעט פון מילץ-קראנקהייט; א מעלאנכאליקער, א מרה-שחורה'ניק.

splenet'ical *a.* (ספלי-נעט'-אי-קעל) בייז, רייצבאר, אויפגערעגט; אומעטיג, מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

splenet'ically *adv.* (ספלי-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה-שחורה'דיגען אופן; אויפגערייצט, בייז.

splen'ic *a.* (ספלענ'-איק) פון דער מילץ, וואס געהערט צו דער מילץ.

splen'ic vein (ספלענ'-איק וויין) דער מילץ-אדער, דער אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון דער מילץ צום פארטע-אדער פון לעבער]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

splenisa'tion *n.* (ספליע-ני-זיי'-שאן) ז. *splenization*.

splenit'ic *a.* (ספלי-ניט'-איק) וואס ליידעט פון מילץ-ענטצינדונג.

spleni'tis *n.* (ספלי-נאי'-טיס) מילץ-ענטצינדונג.

splen'itive *a.* (ספלענ'-אי-טיוו) היציג, ליידענשאפטליך; רייצבאר, צארנדיג.

sple'nius *n.* (ספליע'-ני-אס) אזא בריי-טער מוסקול אויף דער פלייצע.

spleniza'tion *n.* (ספליע-ני-זיי'-שאן) די פערוואנדלונג פון די לונגען דורך ענטצינדונג אין א מילץ-עהנליכען שטאף.

sple'nocele *n.* (ספליע'-נא-סיל) א מילץ-געשווילעכץ; א מילץ-ברוך.

splenodyn'ia *n.* (ספלי-נא-דינ'-אי-א) שמערצען אין דער מילץ.

splenog'raphy *n.* (ספלי-נאג'-רע-פי) די אנאטאמישע בעשרייבונג פון דער מילץ.

splenol'ogy *n.* (ספלי-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען דער מילץ.

splenomala'cia *n.* (ספליע-נא-מע-ליי'-סי-א) די פערווייכונג פון דער מילץ.

splenop'athy *n.* (ספלי–נאפ'–ע–טהי) מילץ־קראנקהייט.

splenot'omy *n.* (ספלי–נאט'–א–מי) די אנאטאמיע פון מילץ.

spleu'chan *n.* (ספלוה'–כען) א בייטעל; א טאבאק־בייטעל.

splice *v. and n.* (ספלאים) פעראייניגען אדער פערבינדען צוויי שטיקער מעטאל, האלץ א. ד. ג.; צוזאמענפלעכטען צוויי עקען פון א שטריק; הייראטען; פערהייראטען; די צונויפפלעכטונג פון צוויי ענדען פון א שטריק; די פעראייניגונג אדער פערבינדונג פון צוויי שטיקער האלץ אדער מעטאל.



Splices of Ropes

splice'-piece *n.* (ספלאים'–פיעס) א פלאטע וואס פעראייניגט די ענדען פון צוויי אייזענבאהן־שיענען [רעלסען].

spli'cer *n.* (ספלאי'–סער) א צונויפפלעכטער פון שטריק, א געציינג צונויפצופלעכטען די ענדען פון שטיקער שטריק.

splice the main brace (ספלאים טהי מיין בריים) נעהמען א גלעזעל משקה [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

spli'cing-fid *n.* (ספלאי'–סינג–פיד) אזא שפיציגעס האלץ־פלעקעל וואס ווערט בענוצט אויף שיפען אויפצודריבלען די ענדען פון שטריק ווען מען דארף זיי צונויפפלעכטען איינע מיט די אנדערע.

spli'cing-ham'mer *n.* (ספלאי'–סינג–העמ'–ער) א האמער מיט א שפיץ.

spline *n. and v.* (ספלאין) א פיערקאנטיגער קייל אדער קלין וואס ווערט אריינגעשלאגען אין דעם אויסשניט פון אן אקס און פון דעם ראד וואס זיצט אויף איהם, כדי זיי זאלען זיך דרעהען צוזאמען און ניט בעזונדער; א ווייך שטיקעל האלץ אדער גומיע וואס א צייכנער בענוצט צום אנווארפען גרויסע געבויגענע ליניען; אריינפאסען א קייל אדער קלין אין א ראד מיט אן אקס.

splint *n. and v.* (ספלינט) א שפאן; א שפליטער; א דינער האלץ־שטרייף וואס ווערט בענוצט צו פלעכטען קערב, שטוהלזיצע א. ד. ג.; א דין, בויגזאם ברעטעל פון האלץ אדער מעטאל וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען; א ברעטעל איינצובינדען א צובראכענעם ביין, אז ער זאל צוריק צונויפוואקסען; דער איבערביין [אזא קליין אונענטוויקעלט ביינדעל אין דעם פוס פון א פערד]; איינבינדען מיט ברעטלעך [ווי א צובראכענער גליעדער].

splint'-ban'dage *n.* (ספלינט'–בענ'–דעדזש) א שטייפער באנדאזש [פון גיפס, גומיע א. ז. וו.].

splint'-bone *n.* (ספלינט'–באון) דער איבערביין [אזא קליין אונענטוויקעלט ביינדעל אין דעם פוס פון א פערד]; דער ביין פון פוס צו וועלכען עס איז צוגעוואקסען די איקרע.

splint'-bot'tomed *a.* (ספלינט'–באט'–אמד) מיט א דעק אדער זיץ וואס איז אויסגעפלאכטען פון לאנגע און דינע שפענער אדער שטרייפען.

splint'-coal *n.* (ספלינט'–קאול) שיעפער־קויהל, שפליטער־קויהל [אזא מין קויהלען וואס זיינען בלעטערדיג ווי שיעפער־שטיין].

splin'ter *n. and v.* (ספלינ'–טער) א שפאן, א שפליטער; צושפאלטען; זיך צושפאלטען.

splin'ter-bar *n.* (ספלינ'–טער–באר) דאס קוואר־שטענגעל אין פארענט פון א וואגען צו וועלכען עס ווערען צוגעבונדען די שטרענגעס; דער קוואר־שטענגעל פון א וואגען וואס שטיצט אונטער די רעסארען [פרוזשינעס].

splin'ter-bone *n.* (ספלינ'–טער–באון) דער ביין פון פוס צו וועלכען עס איז אנגעוואקסען די איקרע.

splin'tery *a.* (ספלינ'–טער–אי) שיילינג, שפאלטיג; שפליטעריג, שופיג.

split *v., n. and a.* (ספליט) שפאלטען, צושפאלטען; צורייסען; צוטיילען; זיך שפאלטען; פלאצען; פלאצען פאר געלעכטער; זיך פאנאנדערגעהן אין מיינונגען; ניט איינשטימען; אויסזאגען פון חדר, פערראטען א געהיימנים, אויסזאגען אימעצענס א סוד; שטימען פאר קאנדידאטען פון נעגענגעזעצטע פארטייען; געהן מיט גרויסע שפרייזען; א שפאלט; א ריס; א שפאלטונג; א פארטיי־שפאלטונג; אן אבשפאלטונג; אן אבגעשפאלטענעם שטיק; געשפאלטען, צוריסען, צוטיילט; גערייניגט, צוגעריכטעט און איינגעפעקעלט [ווענען פיש].

split'-back *a.* (ספליט'–בעק) מיט א לעהן געפלאכטען פון שפענער אדער שטרייפען [ווי למשל, א שטוהל].

split'-bot'tomed *a.* (ספליט'–באט'–אמד) ז. *splint-bottomed*.

split cloth (ספליט קלאהטה) א פיעלטייליגער קאפ־באנדאזש [א באנדאזש וואס בעשטעהט פון איין צענטראלען טייל און פון זעקס אדער אכט עקען מיט וועלכע מען פערוויקעלט און פערבינדט].

split'foot *n.* (ספליט'–פוט) דער טייוועל.

split gear (ספליט גיער) א בעטריעבס־ראד וואס איז געמאכט פון צוויי טיילען.

split hairs (ספליט העהרז) שפאלטען האר, זיך גריבלען, מדקדק זיין כחוט השערה, מקפיד זיין אויף דעם קלענסטען אונטערשיעד.

split in the ranks (ספליט אין טהי רענקס) א צושפאלטונג אין די רייהען, א צושפאלטונג אין א פארטיי, אין א פעראיין א. ז. וו.

split one's vote (ספליט הוואנז וואוט) שטימען פאר קאנדידאטען פון פערשיעדענע פארטייען.

split pease (ספליט פיעז) אבגעשיילטע און געשפאלטענע ארבעס.

splits *n.* (ספליטס) געשפאלטענע פעל צו מאכען לעדער; א גימנאסטישער אדער אקראבאטישער קונץ זיך אוועקצוזעצען מיט ווייט פאנאנדערגעשפרייטע פיס; שפאלטען, ריסען, שפאלטונגען. ז. *split*.

split'ter *n.* (ספליט'–ער) א שפאלטער; א געציינג צום שפאלטען; א האר־שפאלטער, א גריבלער · אזא מין טייערער קוכען וואס ווערט געבאקען ווי וואפעלען.

split'ting *a.* (ספליט'–אינג) 1. שפאלטענד; 2. זעהר שטארק, זעהר העפטיג; 3. זעהר שנעל.

2. He is suffering from a **splitting** headache.
3. He ran at a **splitting** pace.

split'ting-machine' *n.* (ספליט'–אינג–מע–שין') א שפאלט־מאשין; א מאשין צו שפאלטען פעל צו מאכען לעדער.

splotch *n.* (ספלאטש) א שמוציגער פלעק, א שמיער־פלעק.

splotch'y *a.* (ספלאטש'–אי) פלעקיג, איינגעשמיערט מיט שמוץ־פלעקען.

splurge *n. and v.* (ספלוירדזש) 1. א שרייעדיגע אדער ליארמדיגע דעמאנסטראציאן; דאס ציהען אויף זיך פיעל אויפמערקזאמקייט; 2. אן אויפרוהר, אן אויפרודערונג; 3. מאכען א ליארמדיגע דעמאנסטראציאן, וואס ציהט אויפמערקזאמקייט; 4. אויפרודערען.

2. They are making a **splurge** in the social life of the town.

splur'gy *a.* (ספלויר'–דזשי) וואס שטעלט זיך ארויס, וואס מאכט א גערודער, וואס ציהט אויף זיך פיעל אויפמערקזאמקייט.

splut'ter *v. and n.* (ספלאט'–ער) שפריצען מיט א גערויש; שפריצען פון מויל; ריידען שנעל און ניט קלאר; ארויסשטאמלען, ארויסלאזען האסטיג און ניט דייטליך; א טומעל, אן אויפרוהר.

spod'omancy *n.* (ספאד'–א–מענ–סי) טרעפען אדער זאגען נביאות דורך אש.

spodoman'tic *a.* (ספאד–א–מענ'–טיק) וואס איז שייך צו נביאות־זאגעריי דורך אש.

spod'umene *n.* (ספאד'–יו–מין) ספאדומען [אזא גרינליכער פעלז־שפאט].

spof'fish *a.* (ספאפ'–איש) טומעלדיג; זיך ארויסשטעלענדיג.

spof'fy *a.* (ספאפ'–אי) ז. *spoffish*.

spoil *v. and n.* (ספאיל) רויבען, בערויבען; פלינדערען, פערוויסטען; פערדארבען, פערניכטען; פערדארבען ווערען; רויב, קריעגס־רויב; די גוט־בעצאהלטע עמטער, וואס די פיהרער אדער די אגיטאטארען פון א פאליטישער פארטיי קריגען, ווען זי זיעגט ביי די וואהלען; רויבעריי, פלינדערונג; פערדארבונג, פערניכטונג; די אויסגעגראבענע ערד [ביים גראבען טונעלען, קאנאלען, מינען א. ז. וו.].

spoil'able *a.* (ספאיל'–עבל) וואס מען קען פערדארבען, וואס קען פערדארבען ווערען.

spoil'age *n.* (ספאיל'–עדזש) דאס פאפיער וואס ווערט פערדארבען אדער פאלט אב ביים דרוקען.

spoil'er *n.* (ספאיל'–ער) א רויבער, א פלינדערער; א פערדארבער, א פערוויסטער.

spoil'-five *n.* (ספאיל'–פאיוו) אזא קארטען־שפיעל, ביי וועלכען פינף קארטען ווערען אויסגעטיילט צו יעדען שפיעלער.

spoil'-pa'per *n.* (ספאיל'–פיי'–פער) א שמיערער, א שרייבערל [א פאפיער־פערדארבער].

spoils *n.* (ספאילז) די גוט בעצאהלטע עמטער, וואס די פיהרער אדער די אגיטאטארען פון א פאליטישער פארטיי קריגען, ווען זי זיעגט ביי די וואהלען.

spoils'man *n.* (ספאילז'–מען) איינער וואס ארבייט פאר א פאליטישער פארטיי אום צו קריגען א גוט בעצאהלטען אמט ווען זי וועט זיעגען; איינער וואס איז אן אנהענגער פון דער סיסטעם, דאס די טהעטיגע פארטיי־מיטגליעדער זאלען בעלוינט ווערען מיט רעגיערונגס־עמטער, ווען די פארטיי זיעגט.

spoils'monger *n.* (ספאילז'–מאנ–גער) איינער וואס פערטיילט פאליטישע רויב [רעגיערונגס־עמטער צו די טהעטיגע מיטגליעדער פון דער פארטיי וואס האט געזיעגט].

spoil'-sport *n.* (ספאיל'–ספאורט) א שפאס־פערדארבער, א פערגניגען־צושטערער.

spoils sys'tem (ספאילז סיס'–טעם) די סיסטעם צו בעלוינען מיט רעגיערונגס־עמטער די פערזאנען, וועלכע זיינען גע־

ווען טהעטיג פאר דער פארטיי, וועלכע האט געזיגט.

spoke *n. and v.* (ספאוק) א ספיצע אדער שפייכע פון א ראד [איינס פון די שטעקעלעך פון א ראד וועלכע זיינען אריינגעשטעקט צווישען דער נאבע און דעם רייף]; א שפאקע [איינס פון די שטעקלעך פון א שטייער־ראד פון א שיף]; א טרעפעל פון א לייטער; א שטעקעל אדער שטענגעל מיט וועלכען מען פערהאלט א ראד, אז עס זאל זיך ניט דרעהען; אריינשטעלען שפייכען אין א ראד; פערהאלטען א ראד מיט א שטעקעל, אז עס זאל זיך ניט דרעהען; גערעדט, געשפראכען [ז. *speak*].

spoke'-bone *n.* (ספאוק'–באון) דאס שפינדעל [איינער פון די צוויי לאנגע ביינער פון דעם פאדער־ארם]. ז. *radius*

spo'ken *a.* (ספאוקן) גערעדט, געשפראכען. ז. *speak*

spoke'-shave *n.* (ספאוק'–שייוו) א שפייכען־הובעל [אזא געצייג וואס וואגענמאכער אדער טישלער געברויכען צו הובלען די שפייכען אדער ספיצעס פון א ראד און פאר אנדערע צוועקען].

Spoke-shave

spokes'man *n.* (ספאוקס'–מען) א ווארט־פיהרער, א פארשפרעכער, איינער וואס ווערט ארויסגעשטעלט צו ריידען פאר אנדערע; א פערטרעטער.

spo'king-machine' *n.* (ספאו'–קינג–מע-שין') אן אפאראט איינצופאסען די שפייכען אדער ספיצען פון א ראד.

spo'lia opi'ma (ספאו'–לי–א א–פאי'–מא) אין אלטען רוים—די בעסטע קריעגס־רויב; א ווערטהפאלע רויב.

spo'liary *n.* (ספאו'–לי–ע–רי) דער פלאץ אין אמאליגען רוימישען אמפיטעאטער, וואו מען פלעגט ארויסציהען די קליידער פון די גע'הרג'עטע גלאדיאטארען. ז. *gladiator*

spo'liate *v.* (ספאו'–לי–אייט) רויבען; בערויבען, פלינדערען.

spolia'tion *n.* (ספאו–לי–איי'–שאן) בערויבונג, פלינדערונג; פערניכטונג, צושטערונג; דאס רויבען, דאס פלינדערען; דאס פערנעהמען אונגעזעצליך די איינקינפטע פון א קירכען־גוט; א שריפט צו נעהמען אין בעזיץ א קירך אדער איהרע איינקינפטע; אן ענדערונג אדער בעשעדיגונג, וואס ווערט געמאכט אין א דאקומענט פון א זייטיגער פערזאן; דאס פערברעכען פון פערניכטען די דאקומענטען פון א שיף [דורך דעם קאפיטאן אדער אנדערע שיפסבעאמטע], אויף וועלכער מען האט א חשד, אז זי פיהרט קריעגס־קאנטראבאנד אדער אז זי געהערט צום שונא.

spo'liative *a.* (ספאו'–לי–איי–טיוו) פערמינדערנד, אבנעהמענד; אבצאפענדיג דאס בלוט.

spo'liator *n.* (ספאו'–לי–איי–טאר) א רויבער, א פלינדערער.

spo'liatory *a.* (ספאו'–לי–איי–טא–רי) בערויבענד, פלינדערענד.

sponda'ic *a.* (ספאנ–דיי'–איק) ספאנדעאיש, וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון א ספאנדעאוס; וואס דער פינפטער פערזען־פוס איז א ספאנדעאוס. ז. *spondee*

sponda'ical *a.* (ספאנ–דיי'–אי–קעל) ז. *spondaic*

spon'dee *n.* (ספאנ'–דיע) א ספאנדעאוס, א פערזען־פוס וואס בעשטעהט פון צוויי לאנגע אדער צוויי גלייך־בעטאנטע זילבען.

spondu'lics *n.* (ספאנ–דיו'–ליקס) געלד.

spon'dyl *n.* (ספאנ'–דיל) ז. *spondyle*

spondylal'gia *n.* (ספאנ–די–לעל'–דזשי–א) שמערצען אין רוקען־ביין.

spon'dyle *n.* (ספאנ'–דיל) א צונויפשליסונג; א פעראייניגונג אדער צונויפבינדונג פון צוויי טיילען; איינער פון די פערבינדונגס־ביינדלעך פון וועלכע דער רוקען־ביין איז צונויפגעשטעלט.

sponge *n. and v.* (ספאנדזש) א שוואם, א גאמקע; א שוואם־עהנליכער שטאף [ווי אויפגעגאנגענע פוקעס טייג, גומ־מעטאל פול מיט לעכעלעך א. ד. ג.]; א קאנאנען־רייניגער [א געצייג צו רייניגען הארמאטען]; איינער אדער עטוואס וואס זויגט אין זיך לייכט אריין און ניט פון זיך דאס איינגעזויגענע לייכט ארויס, אזוי ווי א שוואם; איינער וואס לעבט אויף'ן אנדערענס חשבון, א פאראזיט; אבריייבען אדער אבווישען מיט א שוואם; איינזויגען; דעגודירען טוך [נעצען און דאמפפען טוך בעפאר דעם נעהען]; אויסזויגען, אויסדריקען, בערויבען, פלינדערען; לעבען פון יענעמס הארעוואניע; זאמלען שוואמען.

sponge'-cake *n.* (ספאנדזש'–קייק) פוקעק טארט.

sponge'-di'ver *n.* (ספאנדזש'–דאי'–ווער) א שוואמען־טויכער, א שוואמען־פישער [איינער וואס לאזט זיך אראב אויף'ן גרונד פון ים צו זאמלען שוואמען].

sponge'-far'ming *n.* (ספאנדזש'–פאר'–מינג) דאס קולטיווירען שוואמען.

sponge'-fish'er *n.* (ספאנדזש'–פיש'–ער) א שוואמען־פישער. ז. *sponge-diver*

sponge'let *n.* (ספאנדזש'–לעט) א קליינער שוואם.

spon'geous *a.* (ספאנ'–דזשאס) שוואמיג.

spon'ger *n.* (ספאנ'–דזשער) איינער וואס בענוצט א שוואם; א פערזאן אדער שיף וואס איז פערנומען מיט זאמלען שוואמען; אן אומזיסטיגער פרעסער, א פאראזיט; א טוך־דעגודירער [איינער וואס נעצט אין דאמפף טוך בעפאר עס ווערט גענומען צום נעהען]; א מאשין צו דעגודירען טוך.

sponge'-tree *n.* (ספאנדזש'–טריע) די פארנעזישע אקאציע [אזא אימער־גרינעס בוימעל וואס איז זעהר פערשפרייט אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

spon'giform *a.* (ספאנ'–דזשי–פארם) שוואם־פערמיג, שוואמיג, עהנליך צו א שוואם.

spon'giness *n.* (ספאנ'–דזשי–נעס) שוואמינקייט.

spon'ging-house *n.* (ספאנ'–דזשינג–האוס) דאס הויז וואו מען פלעגט אין ענגלאנד אמאל האלטען ארעסטירטע בעלי חובות איידער מען האט זיי איינגעשפארט אין געפענגניס, כדי צו געבען זייערע פריינד צייט צו דעקען זייערע חובות.

spon'giole *n.* (ספאנ'–דזשי–אול) דער שוואמיגער איינזויגענדער ענד פון א ווארצעל.

spon'giose *a.* (ספאנ'–דזשי–אוס) ז. *spongy*

spongol'ogy *n.* (ספאנ–גאל'–א–דזשי) די לעהרע וועגען שוואמען.

spon'gy *a.* (ספאנ'–דזשי) שוואמיג; פוקעע; איינזויגענד; פול מיט לעכעלעך ווי א שוואם.

spon'sal *a.* (ספאנ'–סעל) האכצייטליך, וואס געהערט צו הייראט אדער חתונה; וואס איז שייך צו א מאן אדער ווייב.

spon'sible *a.* (ספאנ'–סיבל) גלויבווירדיג, צופערלעסיג; וואס איז ערב.

spon'sion *n.* (ספאנ'–שאן) ערבות, גאראנטיע, קאווירונג; דאס ווערען אן ערב פאר אן אנדערען.

spon'sor *n.* (ספאנ'–סאר) אן ערב; א גאראנטירער, א קאווירער; א טויף־פאטער, א טויף־מוטער; א קוואטער, א קוואטערקע.

sponso'rial *a.* (ספאנ–סאו'–רי–על) וואס איז שייך צו אן ערב אדער גאראנטירער.

spon'sorship *n.* (ספאנ'–סאר–שיפ) דאס זיין אן ערב אדער גאראנטירער; ערבות.

spontane'ity *n.* (ספאנ–טע–ני'–אי–טי) דאס זיין ספאנטאן; דאס קומען פון זיך אליין; דאס ערשיינען אהן א מערקליכער אויסערליכער אורזאכע; זעלבסטטהעטיגקייט, זעלבסט־בעשטימונג, פרייווילינקייט.

sponta'neous *a.* (ספאנ–טיי'–ני–אס) ספאנטאן; וואס קומט פון זיך אליין; וואס ערשיינט אהן א מערקליכער אויסערליכער אורזאכע; פרייווילינ; זעלבסטטהעטיג; אויטאמאטיש; אינסטינקטיוו.

sponta'neous genera'tion (ספאנ–טיי'–ני–אס דזשענ–ע–ריי'–שאן) דאס בעשאפען ווערען פון זיך אליין; דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאפען. ז. *abiogenesis*

sponta'neously *adv.* (ספאנ–טיי'–ני–אס–לי) ספאנטאן, פון זיך זעלבסט. ז. *spontaneous*

sponta'neousness *n.* (ספאנ–טיי'–ני–אס–נעס) ז. *spontaneity*

spook *n.* (ספוהק) א שד, א רוח. ז. *hobgoblin*

spoo'kish *a.* (ספוה'–קיש) ווי א שד, ווי א ניט־גוטער; פערכאפט פון ניט־גוטע.

spoo'ky *a.* (ספוה'–קי) ז. *spookish*

spool *n. and v.* (ספוהל) א שפולע, א שפולקע, א ראלקע, א קאטושקע; שפולען, אויפשפולען, אנדרעהען, ארויפוויקלען.

spool'-cot'ton *n.* (ספוהל'–קאט'ן) שפולע־פאדים, נעה־פאדים [פאדים וואס איז אנגעדרעהט אויף א קאטושקע אדער שפולקע].

spoo'ler *n.* (ספוה'–לער) דער אדער דאס וואס וויקעלט אן פאדים אויף א קאטושקע אדער שפולע.

spool'-hol'der *n.* (ספוהל'–האול'–דער) א שטעקעלע אויף א נעה־מאשין, אויף וועלכען עס איז אנגעטהאן די קאטושקע אדער שפולקע.

spoo'ling-machine' *n.* (ספוה'–לינג–מע-שין') א מאשין אנצודרעהען פאדים אויף א קאטושקע אדער שפולע.

spool'-stand *n.* (ספוהל'–סטענד) ז. *spool-holder*

spoom *v.* (ספוהם) זעגלען אדער לאזען געהן די שיף שנעל פארווערטס.

spoon *n. and v.* (ספוהן) א לעפעל; עפעס וואס איז עהנליך צו א לעפעל [ווי געוויסע געצייג, אינסטרומענטען א. ד. ג.]; א שוטה, א תם; א נארישער פערליעבטער; אנשעפען אדער אננעהמען מיט א לעפעל; אין קראקעט־שפיעל — שארען דעם באל מיט'ן האמער אנשטאט צו שטויסען איהם; כאפען פיש מיט א לעפעל־פערמיגער פארריכטונג, וואס איז צוגעבונדען צו דער ווענטקע; זיין נאריש פערליעבט; ליעגען צוזאמענגעלעגט ווי איין

לעפעל אין א צווייטען, ליגענ צוגעדריקט צו א צווייטענס רוקען.

spoon'bill *n.* (ספוהנ'-ביל) א מין פויגעל מיט א פלאטשיגען שנאבעל ווי א לעפעל.

Spoonbill

spoon'-billed *a.* (ספוהנ'-בילד) וואס האט א לעפעל-פערמיגען שנאבעל.

spoon'-drift *n.* (ספוהנ'-דריפט) דער שוים אדער די פיענע פון אויבען אויף די כוואליעס פון ים אין א שטארקען פלוצליכען שטורם.

spoo'ney *a. and n.* (ספוה'-ני) ז. *spoony*.

spoon'-fash'ion *adv.* (ספוהנ'-פעש'-אן) אזוי ווי צוגויפגעלעגטע לעפעל איינע אויף די אנדערע [מיט דעם פארענט פון איינעם אויף'ן רוקען פון אנדערען].

spoon'ful *n.* (ספוהנ'-פול) א פולער לעפעל, אזוי פיעל ווי א לעפעל קען אריינגעהמען.

spoo'nily *adv.* (ספוה'-ני-לי) אויף א נארישען שטייגער.

spoo'niness *n.* (ספוה'-ני-נעס) נארישקייט; דאס זיין נאריש פערליעבט.

spoon'-meat *n.* (ספוהנ'-מיעט) פליסיגע שפייז; שפייז פאר קינדער אדער קראנקע.

spoon'-saw *n.* (ספוהנ'-סאה) א לעפעל-פערמיגער אינסטרומענט מיט א נעקארבטען ראנד, וואס ווערט בענוצט אין אפעראציאנען ביי פרויען-קראנקהייטען.

spoon'-shaped *a.* (ספוהנ'-שייפט) לעפעל-פערמיג.

spoon'-vict'uals *n.* (ספוהנ'-וויט'לז) ז. *spoon-meat*.

spoon'wood *n.* (ספוהנ'-הוואוד) ז. *mountain-laurel*.

spoo'ny *a. and n.* (ספוה'-ני) נאריש; סענטימענטאל [אין ליעבע]; א שוטה, א נאר; א סענטימענטאלער פערליעבטער.

spoor *n. and v.* (ספוהר) א שפור, א סליאד; נאכשפירען, נאכגעהן נאך'ן סליאד [פון א חיה].

spoor'er *n.* (ספוהר'-ער) איינער וואס שפירט נאך א חיה אין געיענ לויט דער שפור פון איהרע טריט.

spora'ceous *a.* (ספא-ריי'-שיאס) וואס איז שייך צו א ספארע. ז. *spore*.

sporad'ic *a.* (ספא-רעד'-איק) ספאראדיש, איינצעלפעליג, צעווארפען, צוזייהט, צושטרייט, וואס קומט פאר אויסנאהמסוויזע אין איינצעלנע ערטער, ניט עפידעמיש.

sporad'ical *a.* (ספא-רעד'-אי-קעל) ז. *sporadic*.

sporad'ically *adv.* (ספא-רעד'-אי-קעל-אי) אויף א ספאראדישען שטייגער; איינצעלפעליג, פארקומענדיג אין איינצעלנע פעלע; פאנאנדערגעווארפען.

sporad'icalness *n.* (ספא-רעד'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ספאראדיש אדער איינצעלפעליג, דאס פארקומען אויסנאהמסוויזע אין איינצעלנע ערטער.

spo'ral *a.* (ספאו'-רעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו ספארען. ז. *spore*.

sporange' *n.* (ספא-רענדזש') ז. *sporangium*.

sporan'gia *n.* (ספא-רענ'-דזשי-א) ספאראנגיומס, ספארען-בייטלען. ז. *sporangium*.

sporan'gium *n.* (ספא-רענ'-דזשי-אם) אין באטאניק — דאס ספאראנגיום אדער ספארען-בייטעל [א קליין זעקעלע, וואו עס געפינען זיך די ספארען' אדער די מיקראסקאפישע צעלען, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך די קריפטאגאמישע פלאנצען]. ז. *Cryptogamia*.

spora'tion *n.* (ספא-ריי'-שאן) ז. *sporulation*.

spore *n.* (ספאור) אין באטאניק — א ספארע [אזא צעלע, פון וועלכער עס ענטוויקעלט זיך א ניט-בליהענדע קריפטאגאמישע פלאנצע. ז. *Cryptogamia*]; אין ביאלאגיע — א קליין ארגאניש קערנדעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א נייער מיקראסקאפישער ארגאניזם [ווי א באקטעריע אדער באצילע]; א קליין מיקראסקאפיש קערפערעל; א קערנדעל.

spore'-case *n.* (ספאור'-קייס) ז. *sporangium*.

spore'-cell *n.* (ספאור'-סעל) אין באטאניק — א ספארע. ז. *spore*.

spore'-forma'tion *n.* (ספאור'-פאהר-מיי'-שאן) די אויסבילדונג פון ספארען. ז. *spore*.

sporif'erous *a.* (ספא-ריפ'-ע-ראס) וואס בריינגט אדער פראדוצירט ספארען. ז. *spore*.

sporifica'tion *n.* (ספאו-רי-פי-קיי'-שאן) ז. *spore-formation*.

sporipar'ity *n.* (ספאו-רי-פער'-אי-טי) רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג דורך ספארען. ז. *spore*.

spo'roderm *n.* (ספאו'-רא-דוירם) דאס אויבערשטע הייטעל פון א ספארע. ז. *spore*.

spo'rogen *n.* (ספאו'-רא-דזשען) א פלאנצע וואס פראדוצירט ספארען אנשטאט זאמען. ז. *spore*.

sporogen'esis *n.* (ספאו-רא-דזשענ'-ע-סיס) די אויסבילדונג פון ספארען; רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג דורך ספארען. ז. *spore*.

sporog'ony *n.* (ספא-ראג'-א-ני) ז. *sporiparity*.

spo'roid *a.* (ספאו'-ראיד) עהנליך צו א ספארע.

spor'ran *n.* (ספאר'-ען) דער לעדערנער פון פארענט-הענגענדער בייטעל, וואס דיענט אלס טייל פון שאטלענדישען נאציאנאלען קאסטיום.

sport *n. and v.* (ספאורט) ספארט, א שפיעל, צייט-פערטרייב אדער וועט-קאמפף אונטער'ן פרייען הימעל [ווי יאגד, פישפאנג, וועט-לויף א. ד. ג.]; פערגניגען, לוסטיגקייט, בעלוסטיגונג; שפאס, קאטאוועס; איינער וואס גיט זיך אב מיט ספארט; א פראנט; אן אזארטנער שפיעלער; א שווינדלער; אין ביאלאגיע — א חיה אדער פלאנצע, וואס אונטערשיידעט זיך שארף פון דעם נארמאלען טיפ, צו וועלכען זי בעלאנגט; שפיעלען, זיך בעלוסטיגען; פארשטעלען; זיך ארויסשטעלען פאר א כוואט; שפאסען, טרייבען קאטאוועס; זיך שטארק אונטערשיידען פון דעם נארמאלען טיפ [וועגען א חיה אדער פלאנצע].

sportabil'ity *n.* (ספאור-טע-ביל'-אי-טי) די נייגונג צו צייט-פערטרייב; לוסטינקייט.

spor'table *a.* (ספאור'-טעבל) וואס איז גענייגט צו צייט-פערטרייב; לוסטיג.

sport'ful *a.* (ספאורט'-פול) שפיעלעריש, לוסטיג, שפאסהאפט.

sport'fully *adv.* (ספאורט'-פול-אי) שפיעלענדיג; לוסטיג; מיט שפאס.

sport'fulness *n.* (ספאורט'-פול-נעס) שפיעלענדע לוסטיגקייט, שפאסהאפטיגקייט.

spor'ting *n. and a.* (ספאור'-טינג) דאס אבגעבען זיך מיט ספארט; אין ביאלאגיע — דאס פלוצליכע ערשיינען פון בעזונדערע אייגענשאפטען ביי א חיה אדער פלאנצע; וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

spor'ting-book *n.* (ספאור'-טינג-בוק) א בוך וואו מען פערשרייבט דאס וועטען זיך אין פערשיעדענע שפיעלען און ספארט.

spor'ting-dog *n.* (ספאור'-טינג-דאג) א יאנד-הונד.

spor'ting-house *n.* (ספאור'-טינג-האוס) א הויז, וואו ספארטס-לייט קלייבען זיך צונויף.

spor'tingly *adv.* (ספאור'-טינג-לי) אויף א שפיעלערישען, שפאסהאפטען שטייגער.

spor'ting man (ספאור'-טינג מען) א ספארטסמאן, איינער וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

spor'tive *a.* (ספאור'-טיוו) וואס איז שייך צו ספארט אדער צייט-פערטרייב; שפיעלעריש, שפאסהאפט; אין ביאלאגיע — וואס האט א נייגונג אבצוטרעטען פון נארמאלען טיפ.

spor'tively *adv.* (ספאור'-טיוו-לי) אויף א שפיעלערישען אדער שפאסהאפטען שטייגער.

spor'tiveness *n.* (ספאור'-טיוו-נעס) ז. *sportfulness*.

sport'less *a.* (ספאורט'-לעס) פריידלאז, טרויעריג.

sport one's door (ספאורט הוואנז דאור) זיין "ניט אין דער היים" פאר געסט [ניט וועלען אויפנעהמען געסט, איבערגעבענדיג, אז מען איז ניטא אין דער היים].

sport one's oak (ספאורט הוואנז אוק) ז. *sport one's door*.

sports'man *n.* (ספאורטס'-מען) א ספארטסמאן, א פערגניגען-זוכער, א ליעבהאבער פון גימנאסטיק, פון פישען, פון יאגד, פון וועט-לויף אויף פערד א. ד. ג.

sports'manlike *a.* (ספאורטס'-מענ-לאיק) ווי א ספארטסמאן, מעשה ספארטסמאן. ז. *sportsman*.

sports'manly *a.* (ספאורטס'-מענ-לי) ז. *sportsmanlike*.

sports'manship *n.* (ספאורטס'-מענ-שיפ) דאס האבען א ידיעה אין פערשיעדענע ספארט.

sports'woman *n.* (ספאורטס'-הוואומ-ען) א פרוי וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

sporula'tion *n.* (ספאר-או-ליי'-שאן) אין ביאלאגיע — אן ארט רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג, וואו אין דעם קערפער פון געוויסע פלאנצען אדער חיה'לעך בילדען זיך אויס ספארען, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך נייע ארגאניזמען.

spor'ule *n.* (ספאר'-אול) א קליינע ספארע; א ספארע. ז *spore*.

sporulif'erous *a.* (ספאר-או-ליפ'-ע-ראס) וואס טראגט אין זיך ספארען. ז. *spore*.

spot *n. and v.* (ספאט) א פלאץ, אן ארט; א שטיקעל ארט וואס איז פערשיעדען אין קאליר פון דער אומגעגענד; א פלעק, א פליאמע; א שאנד=פלעק; א חסרון; א געבארענער צייכען אויף'ן קערפער; דער פלעק=פיש [אזא פיש ארום דעם אמעריקאנישען ברעג פון אטלאנטישען אקעאן]; פלעקען, בעפלעקען, מאכען פליאמעס; בעשמוצען; ארויפווארפען א חשד; כאפען מיט'ן אויג; אויסזוכען.

spot'-ball *n.* (ספאט'-באהל) אין ביליארד=שפיעל — דער באל וואס ווערט געשטעלט אויף'ן פלעק אדער צייכען אויף'ן טיש; איינער פון די צוויי ווייסע באלען, וועלכע האבען אויף זיך א שווארצען פלעק.

spot'less *a.* (ספאט'-לעס) אהן פלעקען, אונבעפלעקט, ריין.

spot'lessly *adv.* (ספאט'-לעס-לי) אויף אן אונבעפלעקטען, ריינעם שטייגער.

spot'lessness *n.* (ספאט'-לעס-נעס) אונבעפלעקטקייט, ריינקייט.

spot of ground (ספאט אוו גראונד) א שטיק לאנד.

spot'ted *a.* (ספאט'-עד) בעפלעקט, פול מיט פלעקען; בעשפרענקעלט.

spot'ted fe'ver (ספאט'-עד פי'-ווער) טיפוס; מעניגגיטיס [ז. *meningitis*].

spot'ter *n.* (ספאט'-ער) א נאכשפירער, א נאכקוקער, א שפיאן; א פריוואט=שפיאן נאכצוזעהן די קאנדוקטארען אויף א שטאדט=אייזענבאהן; א נאכקוקער אויף א קריעגס=שיף, וועלכער זעהט ווי ווייט עס פליהען די אויסגעשאסענע קוילען; איינער וועלכער קאלירט פאטאגראפישע בילדער; אזא שפרונג וואו דער שפרינגער קוליעט זיך איבער אין דער לופטען און שטעלט זיך מיט די פיס אויף דעמזעלביגען פלאץ.

spot'tiness *n.* (ספאט'-אי-נעס) פלעקיגקייט, דאס זיין מיט פלעקען.

spot'ty *a.* (ספאט'-אי) פלעקיג, בעדעקט מיט פלעקען; וואס טרעפט זיך ערטערווייז אדער צייטענווייז; ניט רעגולער; ניט איבעראיינשטימיג; אונהארמאניש.

spou'sal *a. and n.* (ספאו'-זעל) האכציטליך, וואס געהערט צו פערהייראטונג; פערהייראטונג, די האכצייט, די חתונה.

spouse *n.* (ספאוז) א פערהייראטע פערזאן, א מאן אדער א פרוי.

spoused *a.* (ספאוזד) פערהייראט.

spouse'less *a.* (ספאוז'-לעס) אונפערהייראט; אהן א מאן אדער אהן א ווייב.

spout *v. and n.* (ספאוט) שפריצען [ווי פון א פאנטאן], אויסשפריצען; אויסגיסען [ווי פון א נעזעל אדער קישקע]; שיסען מיט קנאקעדיגע פראזען, ריידען באמבאסטיש, דעקלאמאטאריש; פערזעצען, פער'משכון'ען; מאכען א רינע [צו א דאך]; א רינע, א דאך=רינע, א רעהר; א וואסער=קישקע; א וואסער=שפריץ; א נעזעל, א שנויץ [פון א כלי]; די נאזלעכער פון א וואלפיש [פון וועלכע ער שפריצט ארויס מיט א שטראם וואסער].

spou'ter *n.* (ספאו'-טער) עפעס וואס שפריצט פון זיך מיט קראפט; איינער וואס שיסט מיט קלינגענדע פראזען; א באמבאסטישער רעדנער; א געניטער וואלפיש=פאנגער.

spout'-fish *n.* (ספאוט'-פיש) א מאלוסק וואס שפריצט וואסער פון זיין מושעל.

spout'-hole *n.* (ספאוט'-האול) דאס נעזעל אדער שנויץ פון א כלי, דורך וועלכען עס שפריצט אדער גיסט זיך דאס וואסער; די נאזלעכער פון א וואלפיש, דורך וועלכע ער לאזט ארויס ווי א פאנטאן דאס וואסער.

spout'less *a.* (ספאוט'-לעס) אהן א נעזעל אדער שנויץ ארויסצושפריצען דאס וואסער; אהן א גיס=רעהר.

spout out (ספאוט אוט) ארויסשפריצען.

spout'-shell *n.* (ספאוט'-שעל) אזא מושעל.

sprain *v. and n.* (ספריין) צופיעל פאנאנדערציהען די מוסקולען פון א געלענק, פערשאפענדיג אין איהם א וועהטאג; א פאנאנדערציהונג פון די געלענק=מוסקולען; דער וועהטאג פון אזא פאנאנדערציהונג.

sprang (ספרענג) געשפרונגען א. ז. וו. ז. *spring*.

sprat *n. and v.* (ספרעט) די שפראטע [אזא הערינגעל ענליך צו א סארדין]; א קליינע מטבע; פאנגען שפראטען.



Sprat

sprat'-day *n.* (ספרעט'-דיי) דער 9טער נאוועמבער [אזוי רופט זיך דיעזער טאג אין לאנדאן, ווייל דאס איז דער ערשטער טאג פון סעזאן ווען מען פערקויפט שפראטען]. ז. *sprat*.

sprawl *v. and n.* (ספראהל) 1. ליעגען אויסגעשטרעקט; קריכען, פויזען ווי א וואָרים; קראבלען, ווארפען מיט די גליעדער, זיך ווארפען קאנוואולסיוו; זיך צאפלען; 2. זיין געשלענגעלט, געצוקט [ווענען א האנדשריפט]; 3. א געצוקטע האנדשריפט.

1. The children sprawl on the floor. 3. His handwriting is full of sprawls.

spray *n. and v.* (ספריי) א צווייגעל; אן ארויסשפראצונג; אן ארנאמענט אין דער פארם פון א צווייגעל; שפריץ=וואסער; וואסער=שטויב; שפריצען; פאלען אין טראפענס.

spray'-cart *n.* (ספריי'-קארט) אזא וועגעל מיט א פליסיגקייט צו בעשפריצען פלאנצען און גרינסען, כדי צו טויטען שעדליכע אינזעקטען.

spray'-cure *n.* (ספריי'-קיור) דאס הייטען א קראנקהייט דורך א וואסער=שפריץ.

spray'er *n.* (ספריי'-ער) א שפריצער; א שפריץ=מאשין.

spray'er-pump *n.* (ספריי'-ער-פאמפ) אזא פומפ, וועלכען מען טראגט אויף דער פלייצע און וואס דיענט צו בעשפריצען פלאנצען.

spray'ey *a.* (ספריי'-אי) מיט צווייגיג; מיט צווייגען; וואס בעשטעהט פון וואסער=שטויב.

spray'ing-machine' *n.* (ספריי'-אינג-מע-שין') ז. *sprayer*.

spray'-in'strument *n.* (ספריי'-אינ'-סטרו-מענט) א צושטויבונגס=אפאראט. ז. *atomizer*.

spread *v., a. and n.* (ספרעד) אויסברייטען, שפרייטען; איבערשפרייטען, בעדעקען; דעקען [דעם טיש], פערשפרייטען [א טישטוך]; פערברייטען; זיך אויסברייטען; זיך ענטוויקלען; זיך פערברייטען; אויסגעברייטעט, פערשפרייט; אויסערפלעכליך, מעהר ברייט איידער טיעף אין שיין אדער גלאנץ [ווענען אן עדעלשטיין]; די אויסברייטונג, די פערברייטונג; די ענטוויקלונג; א דעק=טוך; א טישטוך.

spread'-ea'gle *a.* (ספרעד'-איע'גל) 1. וואס האט די פארם פון אן אדלער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגלען; 2. באמבאסטיש, בעריהמעריש, פראהלעריש.

2. On the Fourth of July orators make spread-eagle speeches.

spread ea'gle (ספרעד איעגל) אן אדלער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגלען [די עמבלעם פון די פעראייניגטע שטאטען]; אין די אמאליגע צייטען אויף א שיף — א פארם פון בעשטראפען א מאטראז, וואו מען פלעגט איהם צובינדען מיט פאנאנדערגעשפרייטע הענד און פיס און שמייסען איהם; אויף דער בערזע — אן ארט שפעקולאציאן מיט ווערטה=פאפיערען.

spread'-ea'gleism *n.* (ספרעד'-איע'גל-איזם) דאס זיין באמבאסטיש אין ריידען; דאס ארויסווייזען זיך פאר א גרויסען פאטריאט. ז. *spread-eagle*.

spread'er *n.* (ספרעד'-ער) אן אויסברייטער, א פערברייטער; א שפריצער.

spread'ing-fur'nace *n.* (ספרעד'-אינג-פויר'-נעס) אין גלאז=פאבריקאציאן — אזא אויוועו אין וועלכען די אויסגעבלאזענע און נאכהער געשפאלטענע גלאז=צילינדערס ווערען אויסגעצויגען אין פלאכע פלאטען.

spread'ingly *adv.* (ספרעד'-אינג-לי) אויף אן אויסגעשפרייטען שטייגער.

spread'ing-ov'en *n.* (ספרעד'-אינג-אוו'ן) ז. *spreading-furnace*.

spread'ing-plate *n.* (ספרעד'-אינג-פלייט) אין גלאז=פאבריקאציאן — א גלאטעס ברעט אויף וועלכען מען לעגט ארויף א געשפאלטענעם גלאז=צילינדער אויסצוציהען אין א פלאכער פלאטע.

spread one's self (ספרעד הוואנז סעלף) זיך שטארק אנשטרענגען צו דערגרייכען עפעס.

spread the cloth (ספרעד טהי קלאהטה) גרייטען צום טיש.

spread the ta'ble (ספרעד טהי טייבל) גרייטען צום טיש.

spree *n. and v.* (ספריע) א הוליאנקע, א יום=טוב; א טרינק=הוליאנקע; הוליען; געהן אויף א הוליאנקע.

sprig *n. and v.* (ספריג) א שטענגעלע; א צווייגעלע; אן ארויסשפראצונג; א נאכקומענשאפט, א קינד; אן ארנאמענט אין דער פארם פון א צווייגעל; א קליינער נאגעל אהן א קעפעל; א קליינער קליין; בעציערען מיט צווייגלעך; מאכען אין דער פארם פון א צווייגעל; ארײנשלאגען א קליין.

sprig'gy *a.* (ספריג'-אי) מיט שטענגעלעך; מיט צווייגעלעך.

spright'liness *n.* (ספראיט'-לי-נעס) לעבהאפטיגקייט, לוסטיגקייט; לעבעדיגקייט; אקטיוויטעט.

spright'ly *a.* (ספראיט'-לי) לעבהאפט, לוסטיג, מונטער.

spring *v., n. and a.* (ספרינג) 1. שפרינגען, אריבערשפרינגען; 2. א שפרונג טהאן, זיך א יאג טהאן, א פליה טהאן, א שטראם טהאן; 3. א טרייב טהאן, א יאג טהאן, צווינגען א שפרונג צו טהאן אדער צו נעהמען שנעל לויפען; 4. פלוצלונג ארויסברייגנען; 5. זיך אויפכאפען, זיך דערשרעקען, זיך א הויב טהאן פאר שרעק; איבערשרעקען און ארויסטרייבען פון בעהעלטעניש [ווי געיעג=חיות אדער פויגלען]; 6. צושפאלטען; צושפאלטען ווערען; 7. ארויסקומען, ארויסשפראצען, אבשטאמען; 8. זיך ערהויבען; 9. עטוואס אויסבויגען, זיך עטוואס אויסבויגען;

10. שטארק רודערען [אזוי אז דאס שי= פעל זאל שפרינגען]; 11. בעשפרענקלען, בעשפריצען; 12. עקספלאדירען, אויפרייסען; 13. אויפהויבען [עפעס אויף א שיף] מיט דער הילף פון פרוזשינעס אדער קייטען; 14. א שפרונג; אן אב= שפרינגונג; דאס אננעהמען די פריהערינע פארם [דורך דער קראפט פון עלאסטיצי= טעט]; 15. אן אנפאנג; די ערשטע ער= שיינונג; א געבורט; די ענטשטעהונג; 16. פריהלינג; 17 אן ארויסשפראצונג; 18. א קוואל; 19. עטוואס עלאסטישעס; אן עלאסטישער קערפער; אן עלאסטישער קערפער=טייל ביי אינזעקטען מיט דער הילף פון וועלכען זיי קענען א שפרונג טהאן אין דער הויך; עלאסטיציטעט, שפרונג=פעהיגקייט; 20. א שפרינג=פעדער, א פרוזשינע אדער ספרוזשינע [ז. איל]; 21. א בעוועגונגס=אורזאכע; עטוואס וואס רופט ארויס א בעוועגונג, געפיהל א. ז. וו.; 22. א שפאלט [אין א מאסט, צווישען די ברעטער פון א שיף א. ז. וו.]; 23. וואס איז שייך צו פריהלינג, וואס פאסט פאר פריהלינג, וואס קומט פאר אין פריהלינג.

2. A sudden light **sprang** through the shutters. **3.** Badly frightened, we **sprang** the horses. **4.** I may **spring** a new project. **5.** The hunter **sprang** the birds out of the bushes. **8.** Up from the midst of the trees **springs** the church cross. **12.** We **sprang** a rich mine. **18.** Love is the **spring** of all the good in the world. **21.** Self-love **is the spring of** all his actions.

Springs

spring a leak (ספרינג ע ליעק) בעקו= מען א שפאלט אדער לאך, אנהויבען רי= נען; מאכען א שפאלט אדער לאך.
We are afraid that the pipe will **spring a leak.**

spring'-back *n.* (ספרינג'-בעק) אן אונ= טער=רוקען פון א בוך, וועלכער בויגט זיך אב, ווען מען עפענט דאס בוך.

spring'-bal'ance *n.* (ספרינג'-בעל'-ענס) א פרוזשינע=בעזמען.

spring'-beau'ty *n.* (ספרינג'-ביו'-טי) די פריהלינג=שעהנהייט [אזא אמעריקא= נישע ווילדע בלום; אזא שעהנעם אמערי= קאנישעם זומער=פויגעלע].

spring'-bed *n.* (ספרינג'-בעד) א מאט= ראץ פון שפרינג=פעדערען אדער פרוזשי= נעס; א בעט מיט אזא מאטראץ; אן עלאסטישע פלאטע אין א מאשין צום ארומשערען די בארווע [ווארסע] פון געוואנד.

spring'-bee'tle *n.* (ספרינג'-ביע'טל) א שנעל=קעפער, א שפרינג=זשוק [אזא אמעריקאנישער זשוק]. ז. ***elater***

spring'-board *n.* (ספרינג'-באורד) א שפרונג=ברעט [צום שפרינגען פאר קונ= צען=מאכער].

spring'bok *n.* (ספרינג'-באק) א שפרינג= באק [אזא זעהר ריהרעוודיגע זיד=אפרי= קאנישע גאזעלע אדער קליינע אנטילא= פע]. ז. ***gazelle***

spring'-box *n.* (ספרינג'-באקס) דאס קעסטעלע אין וועלכען עס ליעגט די שפרינג=פעדער אדער פרוזשינע פון א זייגער; א קעסטעל, א פושקעלע א. ז. וו. וואס עפענט זיך און פערמאכט זיך מיט דער הילף פון א פרוזשינע; די ראהם פון א מאטראץ, זאפא א. ז. וו., אין וועלכער עס געפינען זיך די פרוזשינעס.

spring'-buck *n.* (ספרינג'-באק) ז. ***springbok***

spring'-car'riage *n.* (ספרינג'-קער'-אידזש) א וועגעל אויף רעסארען [פרו= זשינעס].

spring'-cart *n.* (ספרינג'-קארט) ז. ***spring-carriage***

spring chick'en (ספרינג טשיק'-ען) א יונג היהנדעל.

springe *n. and v.* (ספרינגדזש) א פויגעל= נעץ, א שלייף אדער פעטליע צו כאפען פויגלען אדער קליינע חיות; כאפען אין א פויגעל=נעץ, כאפען מיט א שלייף= פאסטקע.

spring'er *n.* (ספרינג'-ער) א שפרינגער; איינער וואס שרעקט איבער און טרייבט ארויס [געיעג=חיות אדער געיעג=פויג= לען]; איינער וואס ברייננט עפעס פלוצ= לונג ארויס; אן ארויסשפראצונג; אן עקספלאדירער; איינער וואס צושפאלט; איינער וואס בויגט אויס; אזא קליינער יאגד=הונד [וואס טרייבט ארויס די גע= יעג=חיות אדער פויגלען פון בעהעלטע= ניש]; א שפרינג=באק [אזא קליינע ריהרעוודיגע אפריקאנישע אנטילאפע]; דער בוטס=קאפ אדער שווערד=וואלפיש [ז. ***grampus***]; דער אנפאנג=שטיין פון א געוועלב.

spring'er an'telope (ספרינג'-ער ענ'-טי-לאופ) דער שפרינג=באק. ז. ***springbok***

spring'-flood *n.* (ספרינג'-פלאד) שפרא= צונגס=צייט, פריהלינגס=צייט, פריהלינג.

spring'-fly *n.* (ספרינג'-פלאי) דאס וואסער=מאטען=פליגעלע. ז. ***caddis-fly***

spring'-gun *n.* (ספרינג'-גאן) א ביקס, וואס איהר שלאס איז פערבונדען מיט א דראט און שיסט אויס, ווען מען טרעט אן אויף'ן דראט [ווערט געברויכט אין פאסטקעס אויף ווילדע חיות].

spring'-halt *n.* (ספרינג'-האהלט) דער העהנער=טריט [אזא קאנוואולסיווע בעווע= גונג פון די הינטערשטע פיס פון א פערד].

spring'-head *n.* (ספרינג'-העד) א קוואל, אן אורקוואל; א פעראייניגונג פון א וואגען=רעסארע [פרוזשינע].

spring'-hook *n.* (ספרינג'-הוק) א פרו= זשינע=האקען [ביי א טהיר, אויף א וועגט= קע א. ז. וו.].

spring'-house *n.* (ספרינג'-האוס) א געביידע איבער א וואסער צו האלטען פריש פערשיעדענע שפייזען.

spring'iness *n.* (ספרינג'-אי-נעס) עלאסטיציטעט; דאס זיין ווי א פרוזשינע; דאס זיין איבערפילט מיט קוואלען.

spring'ing *n. and a.* (ספרינג'-אינג) דאס שפרינגען; דאס ארויסקומען, דאס ארויסשפראצען; אן ארויסשפראצונג; א וואוקס, א וואקסונג; דער אנפאנגס=פונקט פון א געוועלב; וואס קען ארויסקומען; מעגליך; ארויסקומענד, ארויסשפראצענד.

spring'ing-bee'tle *n.* (ספרינג'-אינג-ביע'טל) ז. ***spring-beetle***

spring'ing-line *n.* (ספרינג'-אינג-לאין) די ליניע, ביי וועלכער עס הויבט זיך אן א געוועלב.

spring'ing-time *n.* (ספרינג'-אינג-טאים) שפראצונגס=צייט; פריהלינג.

spring'le *n.* (ספרינגל) א פויגעל=נעץ, א שלייף צו כאפען פויגלען אדער קליינע חיות.

spring'less *a.* (ספרינג'-לעס) וואס האט ניט קיין קוואל אדער קוואלען; וואס האט ניט קיין פרוזשינעס.

spring'let *n.* (ספרינג'-לעט) א קוואל= כעל; א קליינער וואסער=שטראם.

spring'like *a.* (ספרינג'-לאיק) וואס איז עהנליך אדער שייך צו פריהלינג.

spring'-lock *n.* (ספרינג'-לאק) א טהיר= שלאס וואס פערמאכט זיך אויטאמאטיש דורך א פרוזשינע.

spring'-mat'tress *n.* (ספרינג'-מעט'-רעס) א שפרינג=פעדער מאטראץ, א מאט= ראץ אויף פרוזשינעס.

spring'tail *n.* (ספרינג'-טייל) דער שפרינג=עק [אזא אינזעקט וואס שפרינגט מיט דער הילף פון אן ארויסשטארצונג אין הינטער=טייל פון קערפער].

spring'tide *n.* (ספרינג'-טאיד) פריה= לינגס=צייט, פריהלינג.

spring'-tide *n.* (ספרינג'-טאיד) די שטארקע וואסער=פלוט אין ים אין צייט פון ניי=חודש און גאנץ=חודש [ביי דער געבורט פון דער לבנה און ביי א פולער לבנה]; א גרויסער צופלוס.

spring'time *n.* (ספרינג'-טאים) פריה= לינגסצייט, פריהלינג.

spring'-trap *n.* (ספרינג'-טרעפ) א פאסטקע מיט א פרוזשינע [ווי די מיט וועלכער מען כאפט מייז].

spring'-wag'on *n.* (ספרינג'-וועג'-אן) א וואגען אויף רעסארען [פרוזשי= נעס].

spring'-wa'ter *n.* (ספרינג'-וואה'-טער) קוואל=וואסער.

spring'-worm *n.* (ספרינג'-הוואירם) ז. ***pinworm***

spring'y *a.* (ספרינג'-אי) עלאסטיש, וואס שפרינגט אב; רייך אין קוואלען וואסער; פייכט [וועגען לאנד].

sprink'-buck *n.* (ספרינק'-באק) ז. ***springbok***

sprin'kle *v. and n.* (ספרינקל) שפרי= צען, איינשפריצען, בעשפריצען; שפרענק= לען, בעשפרענקלען; דורכשפרענקלען: דורכזעען, דורכווארפען; דראבנע טריפען [ווי א רעגען]; שפריצונג, שפרענקלונג, טריפונג אין דראבנע טראפען; עטוואס וואס ווערט געשפריצט אדער געשפרענ= קעלט; א שפריי=רעגען; א מארגען=שטע= רען [אזא מיטעלאלטערליכע וואפע. ז. ***morning-star***].

sprin'kled *a.* (ספרינקלד) בעשפרענ= קעלט, ווי בעשפריצט, בעדעקט מיט שפרי= צעלעך אדער מיט קליינינקע פונקטען.

sprin'kler *n.* (ספרינ'-קלער) א בעשפרי= צער, א בעשפרענקלער; איינער וואס ווארפט דורך אדער זעעט דורך; א שפרי= צער; א בארשט צום שפריצען הייליגעס וואסער [ביי די קריסטען]; א מאר= גען=שטערען [אזא מיטעלאלטערליכע וואפע. ז. ***morning-star***].

sprin'kler sys'tem (ספרינ'-קלער סיס'-טעם) א סיסטעם פון וואסער=רעהרען אין געביידעס, וואס עפענען זיך אויטא= מאטיש און נעהמען שפריצען מיט וואסער, ווען א געוויסער פלאץ ווערט צו שטארק אנגעהיצט.

sprin'kling *n.* (ספרינ'-קלינג) שפרענק= לונג; בעשפרענקלונג; שפריצונג; דאס וואס ווארפט זיך דורך אדער זעעט זיך דורך.

sprint *v. and n.* (ספרינט) שנעל לויפען אין א קורצען וועט=לויף [פון מענשען]; דאס שנעל לויפען אין א קורצען וועט= לויף; א קורצער וועט=לויף, ביי וועלכען מען לויפט מיט דער גאנצער קראפט.

sprin'ter *n.* (ספרינ'-טער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א קורצען וועט-לויף [פון מענשען].

sprin'ting *n.* (ספרינ'-טינג) דאס שנעל לויפען אין א קורצען וועט-לויף [פון מענשען].

sprit *n.* (ספריט) דאס שפריעט [א שטאנג וואס געהט דיאגאנאל פון דער מאסט צום אויבערשטען ווינקעל פון א זעגעל]; א בוגשפריעט [א שטאנג אויף דעם פאדער-טייל פון א שיף. ז. *bowsprit*].

sprite *n.* (ספראיט) א גייסט, א שעטען; אן עלף, א פעיע [ז. *fairy*].

sprite'liness *n.* (ספראיט'-לי-נעס) ז. *sprightliness*

sprite'ly *adv.* (ספראיט'-לי) ז. *sprightly*

sprit'sail *n.* (ספריט'-סייל) א זעגעל, וואס ווערט אנגעצויגען דורך א שפריעט [אזא שטאנג וואס געהט דיאגאנאל פון דער מאסט צום אויבערשטען ווינקעל פון זעגעל].

sprock'et *n.* (ספראק'-עט) איינער פון די שטיפטען אדער פלעקלעך אין דעם ראנד פון א ראד אויף וועלכען עס דרעהט זיך א קייט. ז. איל. *sprocket-wheel*

sprock'et-wheel *n.* (ספראק'-עט-הוויעל) א ראד מיט שטיפטען אדער פלעקלעך אין ראנד אויף וועלכע עס טהוען זיך אן די רינגען פון א קייט, וועלכע דרעהט זיך איבער איהם.



Sprocket-wheel

sprout *v. and n.* (ספראוט) שפראצען, ארויסשפראצען, ארויסלאזען שפראצונגען; זיך פאנאנדערצווייגען; א שפראצלינג, אן אויסשפראצונג.

sprou'ted *a.* (ספראו'-טעד) בעדעקט מיט קנאספען אדער מיט ארויסגעשפראצטע צווייגלעך.

spruce *n., a. and v.* (ספרוהס) אן עגלע, א יעלאווער בוים, א קיעפער, א טאנען-בוים, א סאסנע; שפראסען-ביער [ביער געמאכט פון זאפט פון קיעפער-בוימער אדער טאנענבוימער אנשטאט האפען]; נעט; געפוצט, פראנטיש; אויספוצען, מאכען נעט, מאכען פראנטיש; זיך אויספוצען.

Spruce

spruce'-beer *n.* (ספרוהס'-ביער) שפראסען-ביער (ביער געמאכט מיט זאפט פון קיעפער-בוימער אדער טאנענבוימער אנשטאט האפען).

spruce'-fir *n.* (ספרוהס'-פויר) די עגלע, דער יעלאווער בוים. ז. *spruce*

spruce'-grouse *n.* (ספרוהס'-גראוס) די קאנאדישע וואלד-הוהן. ז. איל. *"N. A. Game Birds"*

spruce'ly *adv.* (ספרוהס'-לי) נעט; גע-פוצט; פראנטיש.

spruce'ness *n.* (ספרוהס'-נעס) נעטקייט; געפוצטקייט, פראנטישקייט.

spruce'-o'cher *n.* (ספרוהס'-או'-קער) ברוינער אדער געלבער אקער [אזא מי-נעראל]. ז. *ocher*

spruce'-par'tridge *n.* (ספרוהס'-פאר'-טרידזש) ז. *spruce-grouse*

spru'cify *v.* (ספרוה'-סי-פאי) מאכען נעט; אויספוצען.

sprue *n.* (ספרוה) די עפנונג אין א פורם, דורך וועלכער עס ווערט אריינגעגאסען דאס געשמאלצענע מעטאל; די ארויס-שטארצונג וואס עס בלייבט אויף א מע-טאל-גוס-שטיק פון דער עפנונג פון דער פורם, דורך וועלכער דאס מעטאל איז אריינגעגאסען געווארען.

sprug *v.* (ספראג) מאכען נעט; אויס-פוצען.

sprung (ספראנג) פער'שכור'ט; געשפרונ-גען, ארויסגעשפראצט, ארויסגעבראכט. ז. *spring*

sprunt *v.* (ספראנט) ארויסקומען, ארויס-שפראצען; א שפרונג טהאן פארויס, ארויסשפרינגען.

sprunt up (ספראנט אפ) אויפקאכען, ווערען אין כעס.

spry *a.* (ספראי) קרעפטיג, לעבעדיג, מונ-טער, לוסטיג.

spud *n. and v.* (ספאד) אזא דיקעס מעסער אדער קינזשאל; א קליינער גראב-אייזען; אן אינסטרומענט עהנליך צו א גראב-אייזען; א קורצע, דיקע זאך; א קנײדעל; א קארליק; א קארטאפעל; אנ-שניידען אדער אבגראבען מיט א קליינעם גראב-אייזען.

spud'dle *v.* (ספאדל) גראבען.

spud'dy *a.* (ספאד'-אי) קורץ און פעט.

spue *v.* (ספיו) ז. *spew*

spuke *n.* (ספיוק) ז. *spook*

spume *n. and v.* (ספיום) שוים, פיענע; שוימען.

spumes'cence *n.* (ספיו-מעס'-ענס) שוימיגקייט.

stam'per *n.* (סטעמ'-פער) אן אבשטעמפ-לער; אן צושטויסער; אן אינסטרומענט צו שטעמפלען, א שטעמפעל; א מאשין צו שטויסען.

stamp'-fee *n.* (סטעמפ'-פיע) שטעמ-פעל-געלד [אויף דאקומענטען].

stamp'-head *n.* (סטעמפ'-העד) דער שטאמפ-קאפ [א שטיק אייזען ביים ענד פון א שטויסעל-שטאמפ צו מאכען איהם שווערער].

stam'ping *n.* (סטעמ'-פינג) דאס שטעמפלען, דאס אויסדריקען מיט א שטעמפעל; דאס שטויסען מיט א שטאמפ.

stam'ping-ground *n.* (סטעמ'-פינג-גראונד) א פלאץ וואס ווערט אפט בע-זוכט.

stam'ping-machine' *n.* (סטעמ'-פינג-מע-שין') א מאשין צו פארמירען זא-כען אדער כלים פון הארטע מאטעריאלען, ווי מעטאל א. ד. ג.

stam'ping-mill *n.* (סטעמ'-פינג-מיל)

א מאשין צום צושטויסען ערץ [רויהע מעטאלען].

stam'ping-press *n.* (סטעמפ'-פינג-פרעס) א מאשין וואס פרעסט אויס מעטאלענע כלים, ווי לעפעל, טעלער, שיסלען א. ז. וו.; א קליינער האנד-אינסטרומענט אויסצודריקען שטעמפלען אויף פאפיער.

stamp'-mill *n.* (סטעמפ'-מיל) א מאשין צו שטויסען ערץ [רויהע מעטאלען].

stamp'-note *n.* (סטעמפ'-נאוט) דער פאסיר-שיין [א פאפיער מיט'ן שטעמפעל פון פארט-בעאמטען, וואס ערלויבט איבערצופיהרען סחורות צו דער שיף צום טראנספארטירען].

stamp'-of'fice *n.* (סטעמפ'-אפ'-איס) א רעגיערונגס-קאנטאר, וואס לאזט ארויס שטעמפעל-פאפיער און נעהמט אריין שטעמפעל-אבצאהלונגען.

stamp out (סטעמפ אוט) אויסראטען, פערניכטען.

The general was ordered to **stamp out** the revolution by any and all means.

stanch *v., a. and n.* (סטענטש) פערהאלטען א בלוט-פלוס; מאכען צונויפציהען א וואונד, אז קיין בלוט זאל ניט פליסען; אויפהערען צו פליסען; פעסט אין פרינציפ, שטאנדהאפט, אייפריג איבערגעגעבען צו עפעס אדער אימעצען; טריי; שטארק, פעסט, קרעפטיג; אזא טויער אדער שלויז אין א טייך, דורך וועלכען עס ווערט פערהאלטען דאס פליסענדע וואסער און ווען עס קלייבט זיך אן אין יענעם ארט פיעל וואסער, לאזט מען דורך מיט'ן שטראם שיפען, וועלכע געהען דורך אויף אזא אופן איבער ניט-טיעפע ערטער.

stan'cher *n.* (סטענ'-טשער) איינער אדער עפעס וואס פערהאלט דעם בלוט-פלוס פון א וואונד.

stan'chion *n. and v.* (סטענ'-שאן) אן אונטערשפארע, א שטיץ-באלקען, א שטיץ-זייל; אונטערשפארען עפעס דורך א שטיץ-באלקען.

stanch'less *a.* (סטענטש'-לעס) וואס קען ניט געשטילט אדער פערהאלטען ווערען [וועגען פליסענדען בלוט].

stanch'ly *adv.* (סטענטש'-לי) אויף א פעסטען, געזעצטען שטייגער.

stanch'ness *n.* (סטענטש'-נעס) טרייהייט, פעסטקייט, שטארקייט; אייפער; א טרייע איבערגעבענהייט צו עפעס אדער אימעצען.

stand *v. and n.* (סטענד) שטעהן, זיין אין א ווערטיקאלער אדער שטעהענדער לאגע; זיך אבשטעלען; האלטען זיך אויף עפעס; זיך אוועקשטעלען; זיך אויסהאלטען; אויסהאלטען, ביישטעהן, בלייבען עקזיסטירען; שטעהן פעסט, פערבלייבען זיכער; אננעהמען א שטעלונג אין א געוויסער פראגע; ווערען א קאנדידאט פאר א געוויסען אמט אדער ראנג; אנהאלטען, הארטנעקיג בעשטעהן אויף עפעס; זיך אבשטעלען, זיין אונענטשלאסען; זיין אין א בעזונדערער לאגע; זיך אוועקשטעלען אויף א געוויסען פלאץ; שטעהן אויף א בעשטימטען גראד אדער שטופע; שטעהן פאר אימעצען, זיין אימעצענס פארשטעהער אדער שטעלפערטרעטער; זיין אין איינקלאנג, איבעראיינשטימען, הארמאנירען; אבטרעטען צוריק, שטעלען זיך אן א זייט; זעגלען צו א געוויסען פונקט [וועגען א שיף]; שטעהן פעסט נעבען עפעס אדער אימעצען, האלטען זיך טריי, ניט אבטרעטען; אוועקשטעלען; אויסשטעהן, אריבערטראגען; אויסהאלטען; דורכגעהן; פאסען, זיין גינסטיג פאר עפעס אדער אימעצען; טראגען די אויסגאבען; אויסווארטען; דאס שטעהן, דאס אבשטעלען זיך; אן אבשטעל; א שטילשטאנד; א צושטאנד פון אונענטשיעדענהייט אדער אונענטשלאסענהייט; דאס ארט וואו איינער אדער עפעס שטעהט; א שטענדער; א בימה; אן אבטיילונג אין א שטאל פאר א פערד אדער אקס; א דערגרייכונגס-פונקט, א גראד, א שטופע; א בודע, א נעשטעל, א טישעל מיט סחורות; א פלאטפארמע; דער צושטאנד פון וואקסען אויף די פעלדער [ווי פון גראז, קארן א. ז. וו.]; א גארניטור קליידער אדער וואפען; א קאסטיום; א פאס [ביער] אדער די מאס וויפיעל עס ענטהאלט א פאס.

stand about' (סטענד ע-באוט') ארומרינגלען, שטעהן ארום.

stand a chance (סטענד ע טשענס) 1. האבען א שאנס, אן אויסזיכט אדער געלעגענהייט; 2. ריזיקירען.

1. He **stands a chance** of being elected to office. 2. You **stand a chance** of catching cold.

stand affect'ed (סטענד ע-פעקט'-עד) האבען חשק, אין זינען האבען.

stand all demands' (סטענד אהל די-מענדז') ערפילען אלע פאדערונגען, טויגען.

The candidate will **stand all demands** upon his good nature.

stand aloof' (סטענד ע-לוהף') האלטען זיך פון דער ווייטען.

stand amazed' (סטענד ע-מייזד') זיין צוטומעלט, ערשטוינט אדער איבערראשט.

stan'dard *n., a. and v.* (סטענ'-דארד) א פאהן, א פלאג, א שטאנדארט; א בעשטימטע וואג אדער מאס וואס דיענט אלס אריגינאל אדער מוסטער פון אלע עקזיסטירענדע עהנליכע וואגען אדער מאסען [ווי למשל, דער אריגינעלער פונט, וואס געפינט זיך אין שאץ-קאמער פון דער רעגיערונג און דיענט אלס מוסטער צו וויסען דאס ריכטיגע געוויכט פון יעדען פונט]; אין מטבעות — די פראפארציע פון ריינעם מעטאל און ליגאטור, וואס ווערט בעשטימט דורך'ן געזעץ [ווי למשל, די גאלדענע מטבעות פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא ענטהאלטען אין זיך 22 קאראט ריינעם גאלד, ד. ה. זיי בעשטעהען פון 22 חלקים ריינעם גאלד און 2 חלקים ליגאטור]; א מאדעל, א מוסטער; די ריכטשנור, די רעגעל; א גראד, א ראנג [אין די ענגלישע עלעמענטאר-שולען]; א נעשטעל; א שטיץ-באלקען, א שטיץ-זייל; א בוים אדער קוסט וואס שטעהט אליין אויף א פלאץ; אין באטאניק — דאס אויבערשטע בלעטעל פון א שמעטערלינג-בלום; א באקאל, א קעלישאק; וואס דיענט אלס מוסטער; מוסטערהאפט; שטעהענד, אויפגעשטעלט; וואס שטעהט אליין אויף'ן פרייען פעלד [וועגען א בוים]; מאכען פונקט לויט דער אנגעגעבענער פארם אדער מאס; מאכען לויט'ן מאדעל.

stan'dard-bear'er *n.* (סטענ'-דארד-בעהר'-ער) דער פאהנען-טרעגער; א קליין אפריקאניש פויגעלע פון דעם מין האניג-זויגער מיט צוויי זעהר לאנגע פאהנען-עהנליכע פעדערען וואס שטארצען ארויס פון עק.

stan'dard book (סטענ'-דארד בוק) א בוך וואס ווערט אנגענומען אלס דאס בעסטע אין דעם פאך און אלס אנערקענטער אויטאריטעט.

stan'dard gold (סטענ'-דארד גאולד) גאלד פון דער ריכטיגער פראבע.

standardiza'tion *n.* (סטענ-דאר-די-זיי'-שאן) דאס צופאסען צו א געוויסען פעסט-בעשטימטען מוסטער, רעגעל אדער מאדעל.

stan'dardize *v.* (סטענ'-דאר-דאיז) נארמירען, מאכען פאר א מאס; צופאסען, צוגלייכען צו א פעסט-בעשטימטער מאס אדער נארמע.

stan'dardizer *n.* (סטענ'-דאר-דאי-זער) איינער וואס פאסט צו אדער גלייכט צו צו א געוויסער פעסט-בעשטימטער נארמע אדער מאס.

stan'dard meas'ure (סטענ'-דארד מעזש'-אור) די נארמאל-מאס, א פעסט-בעשטימטע מאס, צו וועלכער אלע מאסען פון דעמזעלבען מין ווערען צוגעגליכען.

stan'dard of life (סטענ'-דארד אוו לאיף) די נארמע פון לעבענס-פיהרונג אדער לעבענס-בעדירפניסע.

stan'dard price (סטענ'-דארד פראיס) דער נארמאל-פרייז [פון א סחורה].

stan'dard sil'ver (סטענ'-דארד סיל'-ווער) זילבער פון דער ריכטיגער פראבע.

stan'dard stars (סטענ'-דארד סטארז) די שטערען, וועמעס לאגע און בעוועגונג איז גוט בעוואוסט און דעריבער רעכענט מען אויס די לאגע און די בעוועגונג פון אנדערע שטערען בנוגע צו דיזע.

stan'dard text (סטענ'-דארד טעקסט) אן אנגענומענער טעקסט [ווי פון דער ביבעל], וואס מען קען זיך אויף איהם פערלאזען.

stan'dard time (סטענ'-דארד טאים) די בעשטימטע צייטרעכנונג וואס איז אנגענומען געווארען אין אלע טיילען פון א לאנד אדער געגענד [כאטש אין דער ווירקליכקייט קען זיך פאלקאם ניט שטימען די צייטרעכנונג אפילו פון צוויי נאהענטע שטעדט].

stan'dard weight (סטענ'-דארד הווייט) די נארמאל-וואג.

stand aside' (סטענד ע-סאיד') שטעלען זיך אן א זייט; אויסמיידען.

stand assured' (סטענד ע-שוהרד') זיין איבערצייגט, זיין זיכער.

stand at a stay (סטענד עט ע סטיי) ז. *stand at bay*.

stand at bay (סטענד עט ביי) בלייבען שטעהן, נים קענען ווייטער געהן, זיין ניט ענטשלאסען.

stand at is'sue (סטענד עט איש'-או) זיין אין שטרייט איבער עפעס.

stand away' (סטענד ע-הוויי') שטעלען זיך אין א זייט; זיך אבקעהרען; ניט דערביי זיין.

stand back (סטענד בעק) אבטרעטען צוריק.

stand behind' the cur'tain (סטענד בי-האינד' טהי קויר'-טען) זיך אונטערהערען.

stand between' (סטענד בי-טהוויען') שטעהן צווישען, אינמיטען; סטארען זיך צו מאכען א פשרה; שטעהן אין וועג.

stand by (סטענד באי) 1. שטעהן דאנעבען; זיין דערביי; 2. שטעלען זיך אויף אימעצענס זייט, העלפען, פערטיידיגען, אונטערשטיצען אימעצען; 3. זיך פעסט האלטען, נאכקומען [ווי א קאנטראקט, פערשפרעכען א. ז. וו.]; 4. זיין

גרייט צו טהאן עפּעס, שטעהן גרייט, זיין צו דער האנד.

1. I can't stand by and simply watch the game. 2. I shall stand by my friend in his hour of need. 3. I stand by my promise.

stand'by *n.* (סטענד'-באי) אַן אנהענגער, אַ בעגלייטער, איינער וואס שטיצט אדער העלפט; דאס וואס איז צו דער האנד, עפּעס אויף וואס מען קען רעכענען.

stan'der *n.* (סטענ'-דער) דער שטעהענ־דער, איינער אדער עפּעס וואס שטעהט; איינער וואס שטעהט אויף דער וואך [ביי גנבים].

stan'der-by' *n.* (סטענ'-דער-באי') אַ צושויער, איינער וואס שטעהט דערביי.

stand fair for (סטענד פעהר פאר) הא־בען גוטע אויסזיכטען אויף עפּעס.

stand fire (סטענד פאיר) אויסהאלטען אַ הארמאטען־שיסעריי; אויסהאלטען אַן אטאקע.

stand first (סטענד פוירסט) שטעהן אויבענאַן, זיין דער ערשטער.

stand for (סטענד פאר) 1. שטרעבען צו עפּעס; 2. זיין אויף אימיצענס צד, פּערטיידיגען; 3. פערנעהמען יעמאנדס פּלאץ; 4. בעדייטען; 5. בעוועגען זיך [אין אַ געוויסער ריכטונג].

1. Our party stands for progress. 2. I stand for my race.

stand from (סטענד פראם) ארויסטרע־טען פון אַ געוויסען פּונקט [וועגען אַ שיף].

stand from un'der (סטענד פראם אנ'-דער) אונטערשטעלען זיך, ניט לא־זען עפּעס אראבפאלען; זיך ארויסדרעהען פון אַן אונאנגענעהמער לאגע.

stand ga'ping (סטענד גיי'-פּינג) אנ־שטעלען מויל און אויערען, שטעהן פער־גאפט.

stand good (סטענד גוד) זיין זיכער, גוט זיין, גילטען.

His word stands good to me for any amount.

stand high (סטענד האי) זיין אנגע־זעהן; אין דרוקעריי — זיין העכער ווי געוועהנליך [וועגען אנגעזעצטער דרוק־שריפט אדער גראווירונג].

stand in (סטענד אין) 1. קאסטען; 2. זיין פערבונדען מיט אימיצען, מאכען יד־אחת; 3. זיך ריכטען צו אַ געוויסען פּונקט [וועגען אַ שיף].

2. The policeman was found to stand in with the burglars.

stand in anoth'er's shoes (סטענד אין אַנ-אטה'-ערז שוהז) זיין אין יענעמס לאגע.

stand in cure (סטענד אין קיור) זיין קורירבאר [וועגען אַ קראנקהייט].

stand in defence' (סטענד אין די־פענס') פערטיידיגען, אונטערשטיצען [אַ מענשען אדער זאך].

Who will stand in defence of a despised cause?

stand in doubt of (סטענד אין דאוט אוו) צווייפלען אין עפּעס.

stand in fear of (סטענד אין פיער אוו) שרעקען זיך פאר עפּעס.

stan'ding *n. and a.* (סטענ'-דינג) דאס שטעהן, דער שטאנד; דער דויער פון עפּעס; אַ שטעלע, אַ פּאזיציאָן; אַ ראנג, אַ שטופע, אַ העכערע מדרגה; שטעהענד, אין אַ שטעהענדער לאגע, פערפענדיקולאר; אונבעוועגליך [וועגען וואסער], וואס ריהרט זיך ניט, איינגעזעצט, שטענדיג, דויערנד.

stan'ding ar'my (סטענ'-דינג אר'-מי) די שטענדיגע ארמעע [די ארמעע וואס די רעגיערונג האלט אויף די גאנצע צייט אין לאנד אין דער צייט פון שלום].

stan'ding commit'tee (סטענ'-דינג קאַ-מיט'-אי) אַ שטענדיגע קאמיטע אין אַ געזעצגעבערישער קערפּערשאפט אדער אין אַ פעראיין, וועלכע פיהרט אויס אַ ספּעציעלען טייל פון דער ארבייט.

stan'ding corn (סטענ'-דינג קאהרן) ניט געשניטענער קארן, קארן אין פעלד.

stan'ding-ground *n.* (סטענ'-דינג-גראונד) דער באדען אונטער די פיס; דער טהעטיגקייטס־געביעט; דער גרונד־פּרינציפּ; דער שטאנדפּונקט.

stan'ding jib (סטענ'-דינג דזשיב) דער גרויסער קליווער [איינע פון די זעגלען אויף אַ שיף].

stan'ding jump (סטענ'-דינג דזשאמפּ) אַ שפּרונג גלייך פון ארט [ניט פאנאנ־דערגייענדיג זיך פריהער].

stan'ding or'ders (סטענ'-דינג אהר'-דערז) די תקנות און רעגלאמענטען, וואס ווערען אויסגעארבייט פון אַ געזעצגעבע־רישער קערפּערשאפט [ווי אַ פּארלא־מענט] צו איהרע זיצונגען און געשעפטס־פיהרונג.

stan'ding-point *n.* (סטענ'-דינג-פּאינט) אַ שטאנדפּונקט.

stan'ding-room *n.* (סטענ'-דינג-רוהם) שטעה־פּלאץ, פּלאץ וואס איז גענוג נור צום שטעהן [ווי אין אַ טעאטער].

stand in hope (סטענד אין האופּ) האפען.

stand in loss (סטענד אין לאהס) זיין אין געפאהר צו פערלירען עפּעס.

stand in one's own defence' (סטענד אין וואנז אָון די-פענס') זיך אליין פערטיידיגען.

stand in one's own light (סטענד אין וואנז אָון לאיט) זיך אליין שטעהן אין וועג, שטערען זיך אליין.

stand in request' (סטענד אין רי-קוועסט') זיין אין נאכפראגע, ווערען שטארק פערלאנגט [וועגען אַ סחורה, אַן ארטיקעל].

stand in stead (סטענד אין סטעד) דיע־נען אנשטאט, פערנעהמען דעם פּלאץ; בעהילפיג זיין, ניצליך זיין.

stand in the gap (סטענד אין טהי געפּ) אויסשטעלען זיך צו פערטיידיגען עפּעס; מאכען זיך גרייט צו בעגעגנשטעהן אַ געפאהר.

stand in the gate (סטענד אין טהי גייט) שטעלען זיך אין אַ גינסטיגער לא־גע; שטעלען זיך אין אַ פערטיידיגונגס־פּאזיציאָן.

stand in the way (סטענד אין טהי וועי) שטעהן אין וועג, שטערען.

stan'dish *n.* (סטענ'-דיש) אַ טינטער; אַ שרייב־געצייג.

stand low (סטענד לאו) אין דרוקע־ריי — זיין קירצער איידער די געפאדער־טע הויך [וועגען אנגעזעצטער דרוק־שריפט].

stand neu'ter (סטענד ניו'-טער) זיין נייטראל.

stand of arms (סטענד אוו ארמז) די אמוניציע [די ביקס, מונדיר, פּאטראנען און אלע סאלדאטסקע מכשירים צוזאמע־גענומען].

stand of col'ors (סטענד אוו קאל'-ארז) די פאהן.

stand off (סטענד אף) 1. אויסווייכען; פון דערווייטענס שטעהן, זיך האלטען פון דערווייטענס; אבטרעטען, ניט דערנעהנ־טערען זיך; 2. אבשטעהן [פון אַ זאך], זיך אבזאגען, ניט וועלען; ארויסטרעטען בולט.

1. Bad business compelled him to stand off his creditors.

stand'-off *n. and a.* (סטענד'-אף) אַ צוריקהאלטונג, אַ געגענווירקונג; צוריק־האלטענד, אבשטויסענד, געגענווירקענד.

stand off and on (סטענד אף ענד אן) כסדר דערווייטערען זיך פון ברעג און דערנעהנטערען זיך צוריק [וועגען אַ שיף].

stand off from (סטענד אף פראם) זיך דערווייטערען פון ברעג אדער ארט [וועגען אַ שיף].

The ship stood off from the shore.

stand'-off'ish *a.* (סטענד'-אף'-איש) צוריקהאלטענד, אבשטויסענד, געגענוויר־קענד.

stand'-off'ishness *n.* (סטענד'-אף'-איש-נעס) דאס דערווייטערען, דאס האל־טען אימיצען אדער עפּעס פון דערווי־טענס; ניט־צוגעלאזענקייט.

stand on (סטענד אן) *stand upon* ז.

stand on com'pliment (סטענד אן קאמ'-פּלי-מענט) האלטען זיך מיט צערע־מאניע.

stand one's ground (סטענד וואנז גראונד) שטעהן פעסט, ניט אונטערגעבען זיך.

stand on scru'ple (סטענד אן סקרוהפּל) האלטען זיך צופיעל מיט צע־רעמאניע; זיין צופיעל פּארמאליסטיש, צו שטארק מקפיד זיין.

stand out (סטענד אוט) ארויסטרעטען בולט, ארויסשטארטשען; אויסשטעהן, אויסהאלטען ביז'ן סוף; ניט אונטערגע־בען זיך; בלייבען פעסט; בעשטעהן אויף עפּעס.

stand out of sight! (סטענד אוט אוו סאיט) אוועק פון די אויגען!

stand out of the way (סטענד אוט אוו טהי וועי) שטעהן אין אַ זייט; זיך האלטען אין אַ זייט, זיך דערווייטערען פון עפּעס.

stand o'ver (סטענד או'-ווער) בלייבען אבגעלעגט.

stand pad (סטענד פּעד) שטעהן ביי דער זייט פון וועג און בעטען נדבות.

stand pat (סטענד פּעט) שטרענג האל־טען זיך אַן די עקזיסטירענדע פּרינציפּען און מעטאדען פון אַ פּאליטישער פּאר־טיי; ניט דערלאזען קיינע אומענדערונ־גען און רעפארמען.

stand'-pat'ter *n.* (סטענד'-פּעט'-ער) אַ קאנסערוואטאר, איינער וואס דערלאזט ניט קיינע אומענדערונגען און רעפארמען אין דער פּאליטיק פון לאנד אדער פון אַ פּארטיי.

stand'-pat'tism *n.* (סטענד'-פּעט'-איזם) קאנסערוואטיזם אין פּאליטיק, דאס ניט דערלאזען קיינע רעפארמען אין דער פּאליטיק פון לאנד אדער פון אַ פּארטיי.

stand'-pipe *n.* (סטענד'-פּאיפּ) אַ ווער־טיקאלער רעהר אין אַ ברונען אדער רע־זערוואואר, וואו דאס וואסער ווערט גע־טריעבען ארויף דורך מעכאנישען דרוק; אַ וואסער־טהורם.

stand'point *n.* (סטענד'-פּאינט) אַ שטאנדפּונקט [דער פּונקט אדער די זייט, פון וועלכער עס ווערט בעטראכט אַ גע־געבענער געגענשטאנד אדער אַ פראגע].

stand'-rest *n.* (סטענד'-רעסט) אַ הויכער שטוהל, ביי וועלכען דער זיצער איז משופּע'דיג אנגעבויגען, אזוי, אַז דער זי־

צענדער געפינט זיך כמעט אין א שטעהענדער לאגע.

stand shil'ly-shal'ly (סטענד שיל׳־אי־שעל׳־אי) זיך וואקלען, זיין ניט ענטשלאסען.

stand shot (סטענד שאט) צאהלען די קאסטען, טראגען די אויסגאבען.

stand still (סטענד סטיל) בלייבען שטעהן, ניט געהן.

The clock **stands still.**

stand'still *n. and a.* (סטענד׳־סטיל) א שטילשטאנד; אן אבהאלט; א פויזע; שטיל־שטעהענד, אבגעשטעלט.

stand the loss (סטענד טהי לאָהס) לייזען דעם היזק, נעהמען אויף זיך דעם היזק.

stand the rack'et (סטענד טהי רעק׳־עט) אויסהאלטען; אנהאלטען ניט קוקענדיג אויף קיין זאך.

stand the test (סטענד טהי טעסט) אויסהאלטען די פּראָבע.

stand to (סטענד טו) זיך א נעהם טהאן מיט חשק צו עפּעס; ביישטעהן, אונטערשטיצען, העלפען; בעשטעהן, ניט נאכגעבען, פעסטשטעהן פאר עפּעס; אויסשטעהן עפּעס, אויסווארטען; זיך האלטען פעסט אן עפּעס.

stand togeth'er (סטענד טו־געטה׳־ער) שטעהן צוזאמען, זיין נעבענאנאנד; זיין איינפערשטאנען מיט אימעצען.

stand to it (סטענד טו איט) האלטען זיך ביי דאס זייניגע; זיך פעסטהאלטען [אין א מיינונג]; אויסהאלטען.

stand to rea'son (סטענד טו ריזן) זיין לאגיש, זיך לאזען הערען, זיך לעגען אויף׳ן שכל.

It **stands to reason** that a business can not be carried on indefinitely at a loss.

stand to sea (סטענד טו סיע) זיך דערווייטערען פון ברעג, לאזען זיך אין ים אריין [וועגען א שיף].

stand to the loss (סטענד טו טהי לאהס) גאראנטירען פאר׳ן היזק, טראגען דעם היזק.

stand treat (סטענד טריעט) טראקטירען, פונדעווען, מכבד זיין, צאהלען פאר א צווייטענס אונטערהאלטונג.

Let me **stand the treat.**

stand tri'al (סטענד טראי׳־על) שטעהן פאר׳ן ריכטער; אויסהאלטען די פּראָבע.

stand un'der (סטענד אנ׳־דער) טראגען אויף זיך די לאסט פון עפּעס.

The store **stands under** very heavy overhead charges.

stand'-up *a.* (סטענד׳־אפּ) שטעהענדיג, אויפגעשטעלט.

stand up (סטענד אפּ) אויפהויבען זיך [פון שטוהל], שטעלען זיך.

stand up against' (סטענד אפּ א־גענסט׳) בעקעמפּפען עפּעס, רעוואלטירען; געבען א ווידערשטאנד.

stand'-up fight (סטענד׳־אפּ פאיט) אין באקסער־קאמפּף — אן אויפריכטיגער וועט־קאמפּף [ווען ביידע קעמפּפער פערהאלטען זיך עהרליך, אהן פאלשקייטען און שפּיצלעך איינער צום אנדערען].

stand up for (סטענד אפּ פאר) פערטיידיגען עפּעס; שטעהן פאר עפּעס.

stand upon' (סטענד א־פּאן׳) פערלאזען זיך אויף עפּעס; טרויען; ווענדען זיך אן עפּעס, זיין אבהענגיג פון עפּעס; האבען א שייכות צו עפּעס; נוגע זיין אדער בעלאנגען צו אימעצען; זיך סומך זיין [ווי אויף אן אויטאריטעט]; מאכען א גרויסען וועזען פון עפּעס, זיך גדל׳ענען מיט עפּעס.

stand upon' a tri'fle (סטענד א־פּאן׳ א טראיפל) זיך רייסען איבער א קלייניגקייט.

stand upon' points (סטענד א־פּאן׳ פּאינטס) זיין צו פּינקטליך, צו שטארק מדקדק זיין.

stand up to (סטענד אפּ טו) זיך שטעלען אנטקעגען.

stand up with (סטענד אפּ הוויטה) 1. שטעלען זיך טאנצען מיט איינעם; 2. זיין אן אונטערפיהרער אויף איינעמס חתונה.

2. I **stood up with** him at his wedding.

stand with (סטענד הוויטה) שטעלען זיך אויף אימעצענס זייט; איבעראיינשטימען מיט עפּעס, זיין אין הארמאניע, ענטשפּרעכען.

stand within' (סטענד הוויטה־אין׳) שטעהן אינווענינג.

stand without' (סטענד הוויטה־אוט׳) שטעהן דרויסען.

stang *n. and v.* (סטענג) א האלץ־שטאנג; א מעסט־שטאק צו מעסטען לאנד; מאכען אימעצען רייטען אויף א שטאנג; איינשטעכען; שטעכען [ווי מיט א נאדעל], שמערצליך שטעכען; פּראווראזאכען א שארפען, פּלעצליכען שמערץ, פּראוואזירען א שטעכענדען שמערץ.

stan'hope *n.* (סטענ׳־האופּ) א לייכטער אפענער איין־זיציגער וואגען מייסטענס אויף צוויי רעדער.

stan'iel *n.* (סטענ׳־יעל) דער טורמפאלק [אזא פויגעל].

stan'nary *n. and a.* (סטענ׳־ע־רי) א צין־מינע, א צין־גרוב; א געגענד וואו עס זיינען פאראן צין־גרובען; וואס איז שייך צו צין, צו צין־גרובען אדער צו דער צין־אינדוסטריע.

stan'nary court (סטענ׳־ע־רי קאורט) א רעגירונגס־אנשטאלט אמאל אין ענגלאנד, וואס אין איהר רשות זיינען געשטאנען אלע צין־גרובען און די צין־אינדוסטריע.

stan'nel *n.* (סטענ׳־על) *staniel* ז.

stan'nery *n. and a.* (סטענ׳־ער־אי) *stannary* ז.

stan'nic *a.* (סטענ׳־איק) וואס איז שייך צו צין, וואס בעשטעהט פון צין, וואס ווערט גענומען פון צין.

stan'nic ac'id (סטענ׳־איק עס׳־איד) צין־זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון צין מיט זויער־שטאף און וואסער־שטאף].

stannif'erous *a.* (סטע־ניפ׳־ע־ראס) וואס ענטהאלט צין, וואס גיט ארויס צין.

stan'nine *n.* (סטענ׳־אין) צין־קיעז [אזא ברעקעלדיגער, שטאהל־גרויער, געמישטער ערץ וואס בעשטעהט פון צין, קופער און אייזען].

stan'nite *n.* (סטענ׳־איט) *stannine* ז.

stan'notype *n.* (סטענ׳־א־טאיפּ) אין פאטאגראפיע — א בילד וואס איז ארונטערגענומען אויף א צינענער פּלאטע.

stan'nous *a.* (סטענ׳־אס) פון צין, וואס האט אין זיך צין.

stan'num *n.* (סטענ׳־אם) צין.

stan'nyel *n.* (סטענ׳־יעל) *staniel* ז.

stan'za *n.* (סטענ׳־זא) אן אבטיילונג אין א געבויידע; א צימער, א קאמער; א סטאנזע אדער סטראפע פון א געדיכט [א רייהע שורות פון א געדיכט אויסגעשטעלט אין א געוויסער ארדנונג לויט זייער לענג, ריטם אדער מעטער].

stanza'ic *a.* (סטענ־זעי׳־איק) וואס בעשטעהט פון סטאנזען אדער סטראפען [וועגען א געדיכט]. *stanza* ז.

sta'pes *n.* (סטיי׳־פיז) — אין אנאטאמיע דער אינערליכסטער פון די דריי ביינדעלעך אין דער פויק־הויט פון אויער.

staph'yline *a.* (סטעפ׳־אי־לין) טרויבען־פערמיג, ווי א בינטעל טרויבען.

staphyli'tis *n.* (סטעפ־אי־לאי׳־טיס) אן ענטצינדונג פון דעם צינגעלע אין שלונד.

staph'ylotome *n.* (סטעפ׳־אי־לא־טאום) אין כירורגיע — א מעסער צו שניידען דאס צינגעלע פון שלונד.

staphylot'omy *n.* (סטעפ־אי־לאט׳־א־מי) אין כירורגיע — דאס אבשניידען דאס צינגעלע פון שלונד.

sta'ple *n., a. and v.* (סטייפל) א הויפּט־פּראָדוקט, א הויפּט־סחורה, א הויפּט־האנדעלס־ארטיקעל; א הויפּט פּראָדוקציאנס־צווייג [פון א לאנד אדער פון א שטאדט]; א הויפּט־פּונקט; א הויפּט־עלעמענט; א הויפּט־זאך; א הויפּט־ארט; א מארק־שטאדט; א יאריד, א מארק; רויה־מאטעריאל; די פעדים אדער פאזערען פון וואל אדער בוימוואל לויט וועלכע מען בעשטימט די גוטסקייט פון דער סחורה; א קאמערציעלער מאנאפּאל, וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען דורך דער קעניגליכער מאכט צו סוחרים; א קלאמער, האקען אדער קרוק מיט צוויי שפּיצען; דער אויסשנייט אין וועלכען עס קומט אריין דאס צינגעל פון א שלאס ביים פערשליסען; איינגעשטעלט, בעשטימט, הויפּט; וואס עס ווערט בעשטענדיג פּראָדוצירט און פערקויפט; וואס איז א הויפּט־סחורה; קאמערציעל איינגעפונדעוועט; וואס קען פערקויפט ווערען אויף׳ן מארק; זארטירען נאך דער לענג פון די פעדים אדער פאזערען [ווי וואל אדער בוימוואל].

sta'ple-house *n.* (סטיי׳־פל־האוס) א הויפּט־סקלאד, א הויפּט־לאגער [פון סחורות].

sta'ple of land (סטייפל אוו לענד) די איינענטימליכע אייגענשאפטען פון לאנד.

sta'ple priv'ilege (סטייפל פריוו׳־אי־לעדזש) *staple-right* ז.

sta'pler *n.* (סטיי׳־פלער) א וואל־זארטירער; א סוחר, וואס האט געהאט א חלק אין א קאמערציעלען מאנאפּאל וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען דורך דער קעניגליכער מאכט צו א פּאראיין פון סוחרים.

sta'ple-right *n.* (סטיי׳פל־ראיט) דאס רעכט פון די מוניציפּאליטעטען [שטאדט־פערוואלטונגען] אין האלאנד און שפּעטער אין דעם שטאאט ניו יארק [אמעריקא] צו צווינגען די דורכגעהענדע שיפען, אז זיי זאלען זיך אבשטעלען און פערקויפען זייערע סחורות אויף די מערק פון שטאדט אדער זיי זאלען צאהלען א געוויסען אבצאהל.

sta'ple town (סטייפל טאון) א גרויסע האנדעלס־שטאדט.

star *n. and v.* (סטאר) א שטערן; א טוואס וואס איז ענהליך צו א שטערן; א ווייסער פלעק אויף דעם שטערן פון א חיה אדער בהמה; א שטערן־פיש; א שטערן־צייכען [אין דרוק אדער שריפט *]; א מענש מיט גלענצענדע פעהיגקייטען אדער אייגענשאפטען; א בעריהמטהייט; דער הויפּט־אקטיאר אדער די הויפּט־אקטריסע אין א טעאטער אדער אפּערא; א שטר [א וועקסעל, א האנדעלס־דאקומענט, א פערקויפס־פאפּיער א. ד. ג. אמאל ביי אידען]; בעצייכענען אדער בעזעצען מיט שטערן; בעצייכענען מיט

א שטערענדעל [אין דרוק אדער שריפט]; בעציערען מיט שטערן; פערוואנדלען אין א שטערן; שיינען אדער גלענצען ווי א שטערן; זיין פראמינענט, אריבערשיינען אלע אנדערע, פיגורירען אלס דער גלענצענדסטער אקטיאר אין טעאטער, שפיעלען די ראלע פון פראמינענטעסטען אקטיאר.

star a glaze (סטאר ע גלייז) ארויס־שניידען א שויב פון א פענסטער [אין גנבים־שפראך].

star'-an'imal *n.* (סטאר'-ענ'-אי-מעל) א שטראהל־פיש, א שטערן־פיש.

star'-an'ise *n.* (סטאר'-ענ'-איס) דער שטערנאניס [אן אראמאטישע כינעזישע פרוכט וואס וואקסט אויף א קליינעם בוי־מעל. ווען די פרוכט ווערט דורכגעשניטען פאר קווער אין מיטען, ערשיינט איהר זוימען־קאסטעל אין דער פארם פון אן אכט־עקיגען שטערן].

star'-ap'ple *n.* (סטאר'-עפ'ל) דער שטערן־עפעל [אזא אנגענעהמע עסבארע פרוכט אין וועסט־אינדיען, וואס ווען זי ווערט דורכגעשניטען פאר קווער אין מיטען ערשיינט איהר זוימען־קאסטעל אין דער פארם פון א שטערן].

Star-apple

star'beam *n.* (סטאר'-בים) א שטראהל פון א שטערן.

star'-blas'ting *n.* (סטאר'-בלעס'-טינג) די שעדליכע ווירקונג פון די שטערן.

star'blind *a.* (סטאר'-בלאינד) וואס זעהט שלעכט, האלב בלינד.

star'board *n., a., adv. and v.* (סטאר'-באורד) די רעכטע זייט פון א שיף [פון שטייער]; וואס איז אויף דער רעכטער זייט פון א שיף; רעכטס, אויף דער רעכטער זייט פון א שיף; אוועקשטעלען אדער אויסקירעווען צו דער רעכטער זייט פון דער שיף.

star'bright *a.* (סטאר'-בראיט) בריליאנט, גלענצענד ווי א שטערן.

star'-buz'zard *n.* (סטאר'-באז'-ארד) דער שטערן־בוסארד [אזא אמעריקאנער פאלק־ענהליכער פויגעל].

starch *n., a. and v.* (סטארטש) קראכמאל, שטערקעל; שטייפקייט, אנגעצויגענקייט, געצוואונגענקייט, אנגעבלאזענקייט; שטייף, פעדאנטיש, פינקטליך; קראכמאלען, שטייף מאכען דורך קראכמאל.

Star'-cham'ber *n.* (סטאר'-טשיימ'-בער) די שטערן־קאמער [א געהיימעם קרימינאל־געריכט אמאל אין וועסטמינסטער אין לאנדאן, ענגלאנד].

star'-cham'ber *n.* (סטאר'-טשיימ'-בער) א געהיימעם געריכט.

starched *a.* (סטארטשט) געקראכמאלט; שטייף [ווי אנגעקראכמאלט]; פעדאנטיש, געצוואונגען, אנגעבלאזען.

starch'edly *adv.* (סטארטש'-עד-לי) שטייף [ווי געקראכמאלט].

starch'edness *n.* (סטארטש'-עד-נעס) שטייפקייט; געצוואונגענקייט, אנגעצויגענקייט; פעדאנטעריע.

starch'er *n.* (סטארטש'-ער) איינער וואס קראכמאלט.

starch'iness *n.* (סטארטש'-אי-נעס) קראכמאלדיגקייט.

starch'ly *adv.* (סטארטש'-לי) שטייף; געצוואונגען; פארמעל, פארמאליסטיש.

starch'ness *n.* (סטארטש'-נעס) שטייפקייט, געצוואונגענקייט, אנגעצויגענקייט; פארמעלקייט, פעדאנטיזם.

starch'-sug'ar *n.* (סטארטש'-שוג'-אר) קראכמאל־צוקער.

starch'y *a.* (סטארטש'-אי) אנגעקראכמאלט, שטייף; קראכמאלדיג; פארמעל, פעדאנטיש, געצוואונגען, אנגעצויגען, אנגעבלאזען.

star'-clus'ter *n.* (סטאר'-קלאס'-טער) א שטערן־גרופע.

star'-crossed *a.* (סטאר'-קראסט) שלים־מזל'דיג.

star'-di'amond *n.* (סטאר'-דאי'-ע-מאנד) א דימענט וואס שפיעלט מיט זיך פאר א קליינע גרופע פון שטערן.

stare *v. and n.* (סטעהר) אויסשטעלען גרויסע אויגען [ווי פון ערשטוינונג, שרעק אדער פערוואונדערונג], קוקען פערגאפט, אויסגלאצען די אויגען; שטעהן דיבאם, שטעהן קאפויער [וועגען די האר]; זיך ווארפען אין די אויגען [ווי עטוואס אונגעוועהנליכעס]; שטרענג אנקוקען, אויסשטעלען אויף אימעצען די אויגען; ווירקען מיט א שטרענגען קוק; דאס אויסשטעלען די אויגען; א שטרענגער קוק מיט אויסגעשטעלטע אויגען; דער שטאר [אזא פויגעל. ז. *starling*].

stare in the face (סטעהר אין דהי פייס) 1. שטעהן פאר די אויגען; 2. זיך ווארפען אין די אויגען.

1. Death stares him in the face.

stare one out of his wits (סטעהר וואן אוט אוו היז וויטס) צומישען אדער צוטומלען אימעצען דורך אויסשטעלען אויף איהם די אויגען.

star'er *n.* (סטעהר'-ער) איינער וואס קוקט מיט אויסגעשטעלטע אויגען, איינער וואס קוקט פערגאפט אדער מיט ערשטוינונג.

star'fish *n.* (סטאר'-פיש) דער שטערן־פיש, דער ים־שטערן [אזא ים־בעשעפעניש וואס האט דעם אויסזעהן פון א שטערן].



Starfish

star'-flow'er *n.* (סטאר'-פלאו'-ער) די שטערן־בלום [אזא פלאנצע אויף וועלבער עס וואקסען שטערנפערמיגע בלומען].

star'-gaze *v.* (סטאר'-גייז) קוקען אויף די שטערן, מאכען אסטראנאמישע אדער אסטראלאגישע אונטערזוכונגען.

star'-ga'zer *n.* (סטאר'-גיי'-זער) א שטערן־זעהער, אן אסטראלאג; אזא פיש וואס זיינע אויגען זיינען נים פון די זייטען פון קאפ נאר פון אויבען [ווי זיי וואלטען קוקען צו די שטערן].

star'-ga'zing *n. and a.* (סטאר'-גיי'-זינג) שטערנזעהעריי, אסטראלאגיע, אסטראנאמיע; וואס קוקט אויף די שטערן, שטודירענדיג די שטערן.

star'-grass *n.* (סטאר'-גרעס) דאס שטערן־גראז [אזא גראז־ענהליכע פלאנצע מיט שטערנפערמיגע בלומען].

star'-hy'acinth *n.* (סטאר'-האי'-ע-סינטה) דער שטערן־היאצינט [אזא גארטען־בלום מיט אינדיגא־בלויע בלומען־בלעטלעך].

star'ing *a.* (סטעהר'-אינג) אויסשטעלענדיג אדער אויסגלאצענדיג די אויגען; אויסגעגלאצט; וואס ווארפט זיך אין די אויגען, וואס שטעכט די אויגען; וואס איז שטארק אויפפאלענד; שטעלענדיג זיך דיבאם אדער קאפויר [ווי האר].

star'ingly *adv.* (סטעהר'-אינג-לי) מיט אויסגעשטעלטע אויגען, מיט א פערגאפטען בליק.

stark *a., adv. and v.* (סטארק) שטארק, קרעפטיג; שטייף אדער שטאר [ווי טויט]; נאקעט; איינגעפשארט, איינגעעקשנ'ט; אינגאנצען, דורך און דורך, גאר, גענצליך, פאלשטענדיג; שטייף אדער שטאר מאכען [ווי טויט].

stark blind (סטארק בלאינד) שטאק בלינד, בלינד ווי די נאכט.

star'ken *v.* (סטארקן) מאכען אונבויגזאם, שטייף מאכען.

stark fool (סטארק פוהל) אן אבגעריסענער נאר, א גרויסער טפש.

stark'ly *adv.* (סטארק'-לי) שטייף; פעסט, שטארק.

stark'-na'ked *a.* (סטארק'-ניי'-קעד) מוטער־נאקעט, פאלשטענדיג נאקעט.

stark'ness *n.* (סטארק'-נעס) שטייפקייט, פערשטארטקייט; קרעפטיגקייט, שטארקייט.

star'less *a.* (סטאר'-לעס) שטערנלאז, אהן שטערן.

star'let *n.* (סטאר'-לעט) א קליין שטערנדעל.

star'light *n. and a.* (סטאר'-לאיט) דאס ליכט פון די שטערן; א שוואכעס אדער דונקעלעס ליכט; בעלויכטען פון די שטערן.

star'like *a.* (סטאר'-לאיק) ענהליך צו א שטערן, ווי א שטערן; שטראהלענד, גלענצענד.

star'ling *n.* (סטאר'-לינג) דער שטאר [אזא שפערלינג־ענהליכער פויגעל. ז. איל.]; אזא הויז־טויב וואס איז ענהליך צו א שטאר; אזא אבצאמונג ביי אדער אין א וואסער פון געריכט־אריינגעשלאגענע פאליעס [קלעצער], ווען מען דארף דארט עטוואס בויען; איינע פון די פאליעס וואס ווערט געבראכט פאר אזא אבצאמונג.

Starling

star′lit *a.* (סטאר′-ליט) בעלויכטעט פון די שטערן.

star′-liz′ard *n.* (סטאר′-ליז′-ארד) א שטערן=עקדעש [אזא עקדעש אדער יאשטשערקע וועלכע איז בעדעקט מיט שטערן=עהנליכע פלעקען].

star′-of-Beth′lehem *n.* (סטאר′-אוו-בעטה′-לי-עם) אזא פלאנצע מיט ווייסע שטערן=עהנליכע בלומען.

star of the day (סטאר אוו טהי דיי) דער העלד פון טאג.

star′ost *n.* (סטער′-אסט) א סטאראסטע [דער הויפט פון א רוסישען דארף וואס ווערט געוועהלט פון דער ארטיגער בעפעלקערונג]; א וויכטיגער פוילישער פריץ אמאל אין פוילישען קעניגרייך וואס האט נעקראגען א קרוין=גוט פון דער קעניגליכער רעגיערונג און איז דערפאר געווען פערפליכטעט צו צאהלען א פיערטעל פון דער איינגאהמע אויסצוהאלטען די קעניגליכע ארמעע.

star′osty *n.* (סטער′-אס-טי) א קרוין=גוט פון א פוילישען פריץ אמאל אין פוילישען קעניגרייך. ז. ***starost***

star′-proof *a.* (סטאר′-פרוהף) אונדורכדרינגליך פאר שטערן=ליכט, וואס לאזט ניט דורך קיין שטערן=ליכט.

starred *a.* (סטארד) פערציערט מיט שטערן; אונטער דעם מזל [א גוטען אדער שלעכטען] פון א שטערן; צובראכען אדער צופלאצט אזוי, דאס שטראהלען נעהען ארויס פון א צענטראל=פונקט [ווי א צובראכענע שויב אדער שפיעגעל]; בעצייכענט מיט א שטערנדעל [אין דרוק אדער שריפט].

star′riness *n.* (סטאר′-אי-נעס) דאס זיין שטערנדיג.

star′ry *a.* (סטאר′-אי) בעזייהט אדער בעציערט מיט שטערן; שטערנדיג; שטראהלענד, שיינענד; וואס שיינט ווי א שטערן.

stars and bars (סטארז ענד בארז) די פאהן פון די קאנפעדערירטע שטאאטען [די זיד=שטאאטען, וועלכע האבען זיך נעהאט אבגעריסען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. די פאהן איז בעשטאנען פון צוויי ברייטע רויטע שטרייפען, אבגעטיילט דורך א ווייסען שטרייף, און פון א צאהל שטערען, וואס איז נעווען גלייך צו דער צאהל שטאאטען, וועלכע האבען צונויפגעשטעלט די קאנפעדעראציאן].

stars and stripes (סטארז ענד סטראיפס) די נאציאנאלע פאהן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [וועלכע איז בעדעקט מיט שטרייפען און שטערען. די שטרייפען, 13 אין צאהל, בעדייטען די 13 קאלאניעס, וועלכע האבען צוערשט געבילדעט די פעראייניגטע שטאאטען; די שטערן, איצט 49 אין צאהל, בעדייטען די איצטיגע שטאאטען, וועלכע בילדען די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]

star′-shaped *a.* (סטאר′-שייפט) שטערנפערמיג.

star′-span′gled *a.* (סטאר′-ספענ′גלד) בעזייהט מיט שטערן.

star′-span′gled ban′ner (סטאר′-ספענ′גלד בענ′-ער) די נאציאנאלע פאהן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [וועלכע איז בעזייהט מיט שטערן].

star′-spot′ted *a.* (סטאר′-ספאט′-עד) בעשפרענקעלט מיט שטערן.

star′-stone *n.* (סטאר′-סטאון) דער שטערן=זאפיר [אזא עדעלשטיין].

start *v. and n.* (סטארט) אנפאנגען, אנהויבען; זיך א נעהם טהאן; זיך א ריהר טהאן; זיך א טרייסעל טהאן; זיך אנפאנגען שאקלען, לויז ווערען; זיך א לאז טהאן, זיך א כאפ טהאן, זיך א ווארף טהאן; זיך לאזען אין וועג; אויפשפרינגען, א שפרונג טהאן; ענטשטעהן, בעוויזען זיך; מאכען אן אנפאנג, זעצען אין בעוועגונג, לאזען אין גאנג; אויסריכטען [אין וועג]; אויסשטאטען, אויספערטיגען; לויז מאכען, פאנאנדערשאקלען; לאזען לויפען א פליסיגקייט פון איין כלי אין א צווייטער, איבערגיסען פון איין פאס אין אן אנדערען; א שרעק טהאן, דערשרעקען, איבערשרעקען, אנווארפען א מורא, אויפרודערען; א שוידער, א טרייסעל, א שפרונג [ווי פון שרעק, שמערץ, אויפרעגונג א. ד. ג.]; אן אבשפרונג, א צוריקשפרונג; א שטויס, א רוק; אן אויסברוך; א פלעצליכע בעוועגונג, א לויף; אן אויפטריט; אן אנהויב; אן אבפאהר; אן ארויספאהר; א פארצוג, א פארטייל; א לויזער אדער שאקלדיגער טייל; א דורכברוך, אן עפנונג; עטוואס וואס איז עהנליך צו אן עק; א הענטעל, א שטיעל; דער שארפער שפיץ פון א יונגען הירש=הארן.

start a doubt (סטארט ע דאוט) אויפהויבען א צווייפעל.

start af′ter (סטארט עפ′-טער) לאזען זיך נאך עפעס, לויפען נאך עפעס אדער אימעצען.

start a fund (סטארט ע פאנד) אנפאנגען זאמלען א פאנד, גרינדען א פאנד.

start against′ (סטארט ע-גענסט′) ארויסטרעטען גענען, זיך שטעלען גענען.

start a price (סטארט ע פראיס) באטען דעם ערשטען פרייז [אויף אן אויקציאן].

start a ques′tion (סטארט ע קהוועס′-טשאן) אויפהויבען א פראגע.

start aside′ (סטארט ע-סאיד′) אבשפרינגען אן א זייט.

start a top′ic (סטארט ע טאפ′-איק) בעריהרען אן עניין.

start a truth (סטארט ע טרוהטה) ענטדעקען אן אמת.

start away′ (סטארט ע-הוויי′) א לאז טהאן זיך, אוועקלאזען זיך.

start back (סטארט בעק) פאהרען צוריק; אבשפרינגען צוריק.

star′ter *n.* (סטאר′-טער) איינער וואס גיט זיך א כאפ, א נעהם אדער א לאז; איינער וואס אנטלויפט; איינער וואס רייזט אב, איינער וואס נעהמט זיך פאר א רייזע; איינער וואס שטעלט פלוצום א פראגע, איינער וואס טרעט פלוצום ארויס מיט א טענה; איינער אדער עטוואס וואס ברייננט אין בעוועגונג; איינער וואס גיט א צייכען אדער סיגנאל אנצוהויבען; אזא יאנד=הונד וואס פאנגט אן די יאגד.

start′ful *a.* (סטארט′-פול) שרעקעדיג, ענגסטליך.

start′fulness *n.* (סטארט′-פול-נעס) שרעקעדינקייט, דאס זיין ענגסטליך, דאס האבען מורא.

start in (סטארט אין) אנהויבען, אנפאנגען.

He started in business with a small sum.

star′ting *n. and a.* (סטאר′-טינג) דאס לאזען אין גאנג אדער בעוועגונג; דאס אבפאהרען; דאס א נעהם טהאן זיך; דאס א לאז טהאן זיך; וואס לאזט אין גאנג, וואס זעצט אין בעוועגונג.

star′ting-bar *n.* (סטאר′-טינג-באר) דער אנלאס=העבעל [דאס הענטעל אדער דער העבעל מיט וועלכען מען ברייננט אין בעוועגונג א דאמפף=מאשין].

star′ting-en′gine *n.* (סטאר′-טינג-ענ′-דזשין) אן אנלאס=מאשין [א קליינע דאמפף=מאשין, וועלכע ווערט בענוצט צו ברייננען אין בעוועגונג די גרויסע דאמפף=מאשין פון א שיף].

star′ting-gear *n.* (סטאר′-טינג-גיער) אן אנלאס=אפאראט [דער אפאראט מיט וועלכען מען לאזט אין גאנג א מאשין, ווי א דאמפף=מאשין, אויטאמאביל א. ד. ג.].

star′tingly *adv.* (סטאר′-טינג-לי) העפטיג, וויטענד, זיך רייסענדיג.

star′ting-place *n.* (סטאר′-טינג-פלייס) דער פלאץ פון וועלכען מען הויבט אן; דער אויסגאנגס=פלאץ.

star′ting-point *n.* (סטאר′-טינג-פאינט) דער אויסגאנגס=פונקט, דער אנפאנגס=פונקט; דאס ארט פון וועלכען מען פאהרט אב.

star′ting-post *n.* (סטאר′-טינג-פאוסט) דער פונקט אדער ארט וואס איז בעצייכענט מיט א שטאנג אדער מיט עטוואס אנדערעס פון וועלכען א וועט=לויף פאנגט זיך אן.

star′ting-valve *n.* (סטאר′-טינג-וועלוו) אן אנלאס=ווענטיל [א קליינער ווענטיל אדער קלאפאן, דורך וועלכען עס ווערט נעלאזען אין גאנג א דאמפף=מאשין].

star′tish *a.* (סטאר′-טיש) שרעקעדיג, שיי [ווענען פערד].

star′tle *v. and n.* (סטארטל) זיך שרעקען; זיך צונויפקארטשען אדער אויפשוידערען [ווי פון שרעק, שמערצען, איבערראשונג א. ד. ג.]; מאכען א פלעצליכע בעוועגונג ווי פון שרעק אדער איבערראשונג; אויסטראגען אדער אויסזעצען ווי א צושראקענעם פערד; דערשרעקען, אויפרודערען; איבערראשען; מאכען צום שוידערען; אן אויפשוידערונג [ווי פון שרעק], א שוידער; א פלעצליכער שרעק.

start′ler *n.* (סטארט′-לער) איינער וואס דערשרעקט זיך; איינער אדער עטוואס וואס שרעקט אדער איבערראשט.

start′ling *a.* (סטארט′-לינג) ערשרעקענד, ערשטוינענד.

start′lingly *adv.* (סטארט′-לינג-לי) דערשרעקענדיג, איבערראשענדיג אדער ערשטוינענדיג.

start on a jour′ney (סטארט אן ע דזשויר′-ני) זיך לאזען אין וועג; זיך ארויסלאזען אויף א יאזדע.

start out (סטארט אוט) 1. זיך בעגעבען, זיך א לאז טהאן [אין וועג]; 2. אנהויבען צו ווערען; זיך נעהמען [צו עפעס].

2. He started out to be a lawyer.

start out of one's sleep (סטארט אוט אוו הוואנז סליעפ) זיך אויפכאפען פון שלאף.

starts of fan′cy (סטארטס אוו פענ′-סי) וויציגע איינפעלע.

start the an′chor (סטארט טהי ענ′-קאר) ארויפציהען דעם אנקער פון א שיף.

start′-up *n.* (סטארט′-אפ) איינער וואס ערשיינט אונערווארטעט; אן אונערווארטעטע ערשיינונג.

start up (סטארט אפ) 1. זיך א הויב

טהאן; פלוצים ערשיינען; 2. אנפאנגען פונקציאנירען, זיך ערעפענען.

2. The factory will start up to-morrow.

starva'tion *n.* (סטאר-וויי'-שאן) דאס אויסגעהן פון הונגער; נויט.

starve *v.* (סטארוו) אויסמארען, לאזען אויסגעהן פון הונגער אדער נויט; אויסהונגערען; אויסגעהן פון הונגער אדער פון נויט; הונגערען; ליידען נויט.

starve'ling *a. and n.* (סטארוו'-לינג) אויסגעהונגערט; אן אויסגעהונגערטער, אן אויסגעמארעטער; אן אויסגעהונגערטע בעשעפעניש.

starv'er *n.* (סטארוו'-ער) איינער וואס מארעט אדער הונגערט אויס.

starve with cold (סטארוו הוויטה קאולד) אויסגעהן פון קעלט, פערפרוירען ווערען.

star'wort *n.* (סטאר'-הווארט) די שטערן=בלום; דער וואסערשטערן [אזא פלאנצע מיט ווייסע שטערן=פערמיגע בלומען].

Starwort

sta'sis *n.* (סטיי'-סיס) א פערהאלטונג פון בלוט אין וועלכען עס איז טייל פון די בלוט=נעפעס [ווי אין אן ענטצונדענער ארטעריע].

sta'table *a.* (סטיי'-טעבל) וואס קען אויסגעדריקט ווערען.

stata'rian *a.* (סטע-טיי'-רי-ען) גוט דיסציפלינירט; פעסטשטעהענד, זיכער.

sta'tary *a.* (סטיי'-טע-רי) פעסטגעזעצט, בעשטימט.

state *n., a. and v.* (סטייט) א צושטאנד; א שטאאט, א מלוכה, א מדינה; די רעגירונגס=מאכט פון לאנד; א שטאנד; א ראנג; א קלאס; די ארט לעבען; פראכט, הערליכקייט; שטאנדהאפטיגקייט; אן אבדרוק פון אן איינגראווירטער פלאטע; וואס איז שייך צום שטאאט, שטאאטליך, פון שטאאט; פאראדנע, הערליך; פעסטזעצען, בעשטימען; ערקלערען, ארויסזאגען, אנגעבען די איינצעלהייטען.

state affairs' (סטייט ע-פעהרז') שטאאטס=געשעפטען, מלוכה=אנגעלעגענהייטען.

state bank (סטייט בענק) א שטאאטס=באנק [א באנק=געשעפט אין אמעריקא וואס שטעהט אונטער דער אויפזיכט און קאנטראל פון דער רעגיערונג].

state'craft *n.* (סטייט'-קרעפט) שטאאטס=פיהרונג, שטאאטס=פערוואלטונג.

state crim'inal (סטייט קרים'-אי-נעל) א פאליטישער פערברעכער.

sta'ted *a.* (סטיי'-טעד) בעשטימט, פעסטגעזעצט; געזאגט, דערמאנט, אנגעגעבען.

sta'tedly *adv.* (סטיי'-טעד-לי) שטענדיג, רעגולער, אין א בעשטימטער צייט.

state'hood *n.* (סטייט'-הוד) די לאגע אדער צושטאנד פון א שטאאט.

state hos'pital (סטייט האס'-פי-טעל) א משוגעים=הויז וואס ווערט אויסגעהאלטען פון שטאאט.

state'-house *n.* (סטייט'-האוס) די געביידע אין וועלכער די געזעצגעבענדע קערפערשאפט פון אן אמעריקאנער שטאאט האלט אב איהרע זיצונגען, דער שטאאטס=פארלאמענט.

state lands (סטייט לענדז) מלוכה=לאנד, לאנד וואס געהערט צום שטאאט.

state'less *a.* (סטייט'-לעס) אהן פאראד, אהן פראכט, איינפאך.

state'liness *n.* (סטייט'-לי-נעס) פראכט, הערליכקייט; שטאלץ.

state'ly *a. and adv.* (סטייט'-לי) פרעכטיג, הערליך; מאיעסטעטיש, שטאלץ.

state'ment *n.* (סטייט'-מענט) א שריפטליכע ערקלערונג; אן ערקלערונג; א בעהויפטונג; א בעריכט, א מיטטיילונג; א מעלדונג.

state'-mon'ger *n.* (סטייט'-מאנ'-גער) א פאליטיקער, איינער וואס גיט זיך אב מיט שטאאטס=אנגעלעגענהייטען.

state of facts (סטייט אוו פעקטס) די זאך=לאגע; א פערצייכניס פון פאקטען וואס ווערט צוגעשטעלט צו א געריכטליכען פראצעס.

state of mind (סטייט אוו מאינד) א געמיטס=צושטאנד.

state of na'ture (סטייט אוו ניי'-טשור) נאטור=צושטאנד; אונציוויליזירטקייט; נאקעטקייט; אונשולדיגקייט, פרימיטיווקייט.

state pa'per (סטייט פיי'-פער) א רעגיערונגס=דאקומענט, א שטאאטס=דאקומענט; אן אפיציעלע רעגיערונגס=צייטונג.

state pris'on (סטייט פריזן) א געפענגניס אדער טורמע פאר פאליטישע פערברעכער; א שטאאטס=געפענגניס [א געפענגניס וואו עס ווערען געהאלטען פער'משפט'ע פערברעכער. אין געגענזאץ צו א שטאדט=געפענגניס, וואו עס ווערען געהאלטען אזעלכע, וואס דארפען ערשט גע'משפט ווערען].

state pris'oner (סטייט פריז'נ-ער) א פאליטישער ארעסטירטער.

sta'ter *n.* (סטיי'-טער) איינער וועלכער גיט ארויס אן ערקלערונג אדער בעהויפטונג; א גאלדענע מטבע פון געוויסע שטעדט אין פארצייטיגען גריכענלאנד.

state'-room *n.* (סטייט'-רוהם) אן אויפגעפוצטעס צימער אין א פאלאץ, א זאאל; א פאסאזשיר=קאיוטע אויף א דאמפף=שיף; א קופע אדער בעזונדערע אבטיילונג אין א שלאף=וואגאן; א שלאף=צימער פאר אן אפיציער אויף אן אמעריקאנער קריעגס=שיף.

States (the) *n.* (סטייטס) 1. די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [ווי די ענגלישע רופען זיי]; 2. ניעדערלאנד, האלאנד.

1. He sailed from Liverpool for the States.

state's ev'idence (סטייטס עוו'-אי-דענס) א קרוין=עדות, אן עדות פון רעגיערונגס צד.

states'-gen'eral *n.* (סטייטס'-דזשענ'-ע-רעל) די קערפערשאפטען, וועלכע שטעלען צונויף די געזעצגעבונג פון א לאנד.

States'-gen'eral *n.* (סטייטס'-דזשענ'-ע-רעל) די גענעראל=שטאאטען אין פראנקרייך [די פערזאמלונג פון די שטאנדען=פארשטעהער אין פראנקרייך ביז דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן פון יאהר 1789, וועלכע פלעגען זיך צונויפקומען צו ענטשיידען אלגעמיינע מלוכה=אנגעלעגענהייטען]; די גענעראל=שטאאטען אין האלאנד.

states'man *n.* (סטייטס'-מען) א שטאאטס=מאן, א פאליטיקער, א דיפלאמאט.

states'manlike *a.* (סטייטס'-מענ-לאיק) ווי א שטאאטסמאן, שטאאטסמעניש.

states'manly *a.* (סטייטס'-מענ-לי) ווי א שטאאטסמאן, שטאאטסמעניש.

states'manship *n.* (סטייטס'-מענ-שיפ) שטאאטסמאנשאפט, רעגיערונגס=קונסט, דאס ארויסצייגען קלוגהייט און ווייטזיכטיגקייט אין אנפיהרען די ענינים פון דער מלוכה.

state'-so'cialism *n.* (סטייט'-סאו'-שעל-איזם) שטאאטס=סאציאליזם [א פלאן דורכצופיהרען סאציאלע רעפארמען און פערבעסערען די לאגע פון דעם ארבייטער=קלאס ניט ענדערענדיג די גרונד=פרינציפען פון פריוואט=אייגענטום].

state'-so'cialist *n.* (סטייט'-סאו'-שעל-איסט) אן אנהענגער פון שטאאטס=סאציאליזם. ז. *state-socialism*.

state sov'ereignty (סטייט סאוו'-ער-אינ-טי) סאווערעניטעט פון'ם שטאאט, די אונאבהענגיגקייט, זעלבסטשטענדיגקייט אדער זעלבסטרעגיערונג פון אן אמעריקאנער שטאאט.

stath'mograph *n.* (סטעטה'-מא-גרעף) אן אינסטרומענט צו פערצייכענען די געשווינדיגקייט פון אן אייזענבאהן=צוג.

stat'ic *a.* (סטעט'-איק) ז. *statical*.

stat'ical *a.* (סטעט'-אי-קעל) סטאטיש, וואס איז אין גלייכגעוויכט; וואס ווירקט בלויז מיט דער געוויכט און ניט מיט בעוועגונג; וואס איז שייך צו קערפער אין זייער רוה=צושטאנד.

stat'ically *adv.* (סטעט'-אי-קעל-אי) סטאטיש, אין גלייכגעוויכט; לויט סטאטיק. ז. *statics*.

stat'ics *n.* (סטעט'-איקס) סטאטיק, די לעהרע וועגען גלייכגעוויכט פון קערפער אדער קרעפטען.

sta'tion *n. and v.* (סטיי'-שאן) אן ארט; א שטעלע; א שטאנד, א ראנג, א מדרגה; א סטאציאן, א סטאנציע; א וואקזאל; אן אבשטעל=פלאץ; א פאליציי=צירקעל; שטעלען, אוועקשטעלען.

sta'tional *a.* (סטיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א סטאציאן, סטאנציע אדער שטעלע.

sta'tionariness *n.* (סטיי'-שאנ-ע-רי-נעס) דאס פעסטשטעהן, דאס זיין סטאציאנער, דאס שטעהן פעסט אויף איין שטאנד.

sta'tionary *a. and n.* (סטיי'-שאנ-ע-רי) פעסט, פעסטגעשטעלט, פעסטשטעהענד, סטאציאנער; אונבעוועגליך; וואס בלייבט אין דעמזעלבען צושטאנד [וואס פראגרעסירט ניט, וואס ענדערט זיך ניט]; א מענש אדער זאך וואס בלייבט אויף'ן זעלבען ארט אדער אין דיזעלבינע בעדינגונגען; א קאנזערוואטאר, איינער וואס וויל, אז אלץ זאל בלייבען ווי עס איז, ניט געענדערט.

sta'tion-cal'endar *n.* (סטיי'-שאנ-קעל'-ענ-דאר) ז. *station-indicator*.

sta'tioner *n.* (סטיי'-שאנ-ער) איינער וואס פערקויפט שרייב=מאטעריאלען.

sta'tionery *n. and a.* (סטיי'-שאנ-ער-אי) שרייב=מאטעריאלען [ווי פעדערען, טינט, פאפיער א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו שרייב=מאטעריאלען.

sta'tion-house *n.* (סטיי'-שאנ-האוס) א פאליציי=צירקעל; א וואקזאל.

sta'tion-in'dicator *n.* (סטיי'-שאנ-אינ'-די-קיי-טאר) א בולעטין אויף אן אייזענבאהן=סטאציאן, וואו עס איז פערצייכענט די צייט פון ארויסגאנג און אבשטעל פון די צוגען אויף יעדער סטאציאן; א פארריכטונג אין א וואגאן צו צייגען די נעמען פון די סטאציאנען, אויף וועלכע דער צוג שטעלט זיך אב.

sta'tion-kee'per *n.* (סטיי'-שאנ-קיע'-פער) א סטאציאנס=וועכטער [אויף אייזענבאהנען].

sta'tion-mas'ter *n.* (סטיי'-שאנ-

מעס'-טער) דער סטאציאנס-שעף, דער נאטשאלניק פון אן אייזענבאהן-סטאנציע.

sta'tism *n.* (סטיי'-טיזם) פאליטיק, שטאאטס-קונסט.

sta'tist *n.* (סטיי'-טיסט) א סטאטיסטיקער; א שטאאטסמאן, א פאליטיקער.

statis'tic *a.* (סטע-טיס'-טיק) ז. *statistical*

statis'tical *a.* (סטע-טיס'-טי-קעל) סטאטיסטיש, וואס איז שייך צו סטאטיסטיק, וואס בעשטעהט פון סטאטיסטיק. ז. *statistics*

statis'tically *adv.* (סטע-טיס'-טי-קעל-אי) פון'ם שטאנדפונקט פון סטאטיסטיק, לויט סטאטיסטיק.

statisti'cian *n.* (סטעט-איס-טיש'-ען) א סטאטיסטיקער, א קענער פון סטאטיסטיק. ז. *statistics*

statis'tics *n.* (סטע-טיס'-טיקס) סטאטיסטיק, די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט אויספארשען און ערקלערען געזעלשאפטליכע און אלגעמיינע ערשיינונגען דורך סיסטעמאטיש-גענזאמעלטע צאהלען און ציפער וועגען דיעזע ערשיינונגען; סיסטעמאטיש-גענזאמעלטע צאהלען און ציפער וועגען מאסען ערשיינונגען און פאסירונגען פון געזעלשאפטליכען און אלגעמיינעם לעבען.

statistol'ogy *n.* (סטע-טיס-טאל'-א-דזשי) אן אבהאנדלונג וועגען סטאטיסטיק.

sta'tive *a.* (סטיי'-טיוו) וואס איז שייך צו א שטעהענדען מיליטער-לאגער אדער מיליטער-קווארטיר.

statoc'racy *n.* (סטע-טאק'-רע-סי) די הערשונג פון דעם שטאאט אליין אהן דער מיטווירקונג פון די גייסטליכע אדער קירך.

stat'oscope *n.* (סטעט'-א-סקאופ) אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט די קלענסטע ענדערונגען אין דעם דרוק פון דער אטמאספערע.

stat'uary *n. and a.* (סטעטש'-יו-ע-רי) סקולפטור, פלאסטיק, די קונסט אויסצוהאקען, אויסצושניצען אדער צו מאדעלירען סטאטוען; א סקולפטאר, א בילד-הויער, א בילד-שניצער, א סטאטוען-מאכער; סטאטוען; וואס איז שייך צו א סטאטוע.

stat'ue *n. and v.* (סטעטש'-יו) א סטאטוע; אוועקשטעלען א סטאטוע.

stat'ued *a.* (סטעטש'-יוד) בעפוצט מיט סטאטוען; וואס האט די פארם פון א סטאטוע.

statuesque' *a.* (סטעטש-יו-עסק') ווי א סטאטוע, שעהן ווי א סטאטוע.

statuesque'ly *adv.* (סטעטש-יו-עסק'-לי) אזוי ווי א סטאטוע, אויף דעם אופן פון א סטאטוע.

statuesque'ness *n.* (סטעטש-יו-עסק'-נעס) דאס אויסזעהן ווי א סטאטוע.

statuette' *n.* (סטעטש-יו-עט') א סטאטועטקע, א קליינע סטאטוע.

stat'ure *n.* (סטעטש'-יור) די שטאטור, דער קערפער-געוואוקס, די קערפער-געשטאלט.

sta'tus *n.* (סטיי'-טאס) דער שטאנד, דער צושטאנד, די לאגע.

sta'tus quo (סטיי'-טאס קהוואו) דער געגענווערטיגער אדער ביזהעריגער צושטאנד.

stat'utable *a.* (סטעטש'-יו-טעבל) פעסטגעזעצט; געזעצליך; געזעצמעסיג; וואס איז לויט דער קאנסטיטוציאן אדער לויט די סטאטוטען.

stat'utably *adv.* (סטעטש'-יו-טע-בלי) לויט די סטאטוטען, לויט דער קאנסטיטוציאן, געזעצליך, געזעצמעסיג.

stat'ute *n.* (סטעטש'-יוט) א סטאטוט, א געזעץ, א תקנה.

stat'ute-book *n.* (סטעטש'-יוט-בוק) א סטאטוטען-בוך, א תקנות-בוך, א געזעץ-בוך.

stat'ute law (סטעטש'-יוט לאה) א געשריבענעס געזעץ אדער תקנה וואס איז אנגענומען געווארען פון א געזעצגעבענדער קערפערשאפט אדער פארלאמענט; א זאמלונג פון בעשליסע אדער געזעצען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען פון א פארלאמענט אדער אנדערער געזעצגעבענדער קערפערשאפט.

Stat'ute of La'borers (סטעטש'-יוט אוו ליי'-באר-ערז) דאס ענגלישע געזעץ אין יאהר 1349 צו צווינגען די ארבייטער און בעדיענטע צו ארבייטען פאר דיזעלבינע שכירות וואס איז געצאהלט געווארען אין יאהר 1346 [דאס געזעץ איז געמאכט געווארען צוליעב דעם, ווייל דורך דער גרויסער פעסט אין יענער צייט איז שטארק פערמינדערט געווארען די צאהל בעדיענטע און זייער פרייז איז זעהר געשטיגען].

stat'ute of limita'tion (סטעטש'-יוט אוו לים-אי-טיי'-שאן) דאס פעריאהרונגס-געזעץ [דאס געזעץ וואס בעשטימט די צייט, נאך וועלכער דער אנקלאגער קען שוין מעהר ניט ארויסטרעטען מיט זיין אנקלאגע].

stat'ute-roll *n.* (סטעטש'-יוט-ראול) א סטאטוטען-זאמלונג, א סטאטוטען-בוך.

stat'utory *a.* (סטעטש'-יו-טא-רי) וואס איז לויט די סטאטוטען, וואס איז פעסטגעשטעלט לויט תקנות אדער סטאטוטען; פעראָרדענט, געזעצליך.

stat'utory law (סטעטש'-יו-טא-רי לאה) ז. *statute law*

statu'volence *n.* (סטע-טיו'-ווא-לענס) אן ארט פון היפנאטיזירען זיך אליין.

staunch *v., n. and a.* (סטאנטש) ז. *stanch*

stau'racin *n.* (סטאה'-רע-סין) אזא זיידענער שטאף געוועבט מיט קליינע צלמים'לעך, וואס גייסטליכע פלעגען אמאל טראגען.

stau'roscope *n.* (סטאה'-רא-סקאופ) אן אפטישער אינסטרומענט צו בעטראכטען און מעסטען די פלעכען פון קריסטאלען.

stave *n. and v.* (סטייוו) א קליאפקע, א פאס-ברעטעל, א העלצעל; א פלעקעל; א פערז, א סטראפע; א נאטען-שורה [וועלכע בעשטעהט פון 5 ליניעס]; אויסברעכען א לאך; אויסברעכען א ברעטעל אין א פאס; צוברעכען; אויסגיסען [דורך צוברעכען דאס פאס]; בעזארגען מיט קליאפקעס; פעסט מאכען דורך צונויפדריקען אדער צונויפקלאפען; לויפען אדער איילען ניט קוקענדיג אויף קיין זאך; ארבייטען ענערגיש.

stave it out (סטייוו איט אוט) קעמפען ביז אן ענטשיידענער רעזולטאט ווערט עררייכט.

stave off (סטייוו אף) אבשלאגען, צוריקהאלטען; אבשטופען; אבלעגען.

sta'ver *n. and v.* (סטיי'-ווער) אן ענערגישער, אקטיווער מענש; שוואנקען, זיך וואקלען.

sta'vers *n.* (סטיי'-ווערז) אזא קראנקהייט פון פערד.

staves'acre *n.* (סטייווז'-איי-קער) דער ריטער-שפארן [אזא הויכעס פוכיגעס גראז מיט בלויע אדער פורפור-בליהונגען, אויף וועלכען עס וואקסט א מין קערנער וואס ווערען בענוצט איהם גיפט פאר פאראזיטישע אינזעקטען, ווי לייז, פליי א. ד. ג.].

stave'-tan'kard *n.* (סטייוו'-טענ'-קארד) א הילצערנער בעכער צוזאמענגעשטעלט פון ברעטעלעך ווי אן עמער.

stave'wood *n.* (סטייוו'-הוואוד) אזא דיקער גרויסער בוים מיט זעהר א ווייכען האלץ.

sta'ving *n.* (סטיי'-ווינג) דאס קירצער מאכען אן אייזערנעם שטאנג דורך דעם וואס מען דערהיצט איהם און מען קלאפט איהם מיט האמערס אין די ענדען; די ברעטלעך פאר פעסער אדער וואסער-רעדער.

stay *v. and n.* (סטיי) פערווייל ען, בלייבען; בלייבען שטעהן, זיך אבשטעלען; ווארטען; אבשטעלען, צוריקהאלטען, אויפהאלטען; אויסהאלטען ביז'ן סוף; דרעהען אין ווינד [וועגען א שיף]; דאס בלייבען, דאס פערבלייבען [אויף אן ארט]; אן אבהאלט, א פערהאלטונג; אן אויפהאלט; א שטיצע, אן אונטערשפארע; א שטערונג, א מניעה; שטאנדהאפטיגקייט, פעסטקייט; א שטארקער שטריק מיט וועלכען עס ווערט אנגעצויגען א מאסט-בוים פון א שיף.

stay'-at-home' *n.* (סטיי'-עט-האום') א היים-זיצער.

stay away' (סטיי ע-הוויי') אויסען בלייבען, ניט קומען, ניט זיין דערביי.
I propose to stay away from the banquet.

stay'er *n.* (סטיי'-ער) אן אונטערשטיצער, א שטיצער; אן אבהאלטער, איינהאלטער אדער פערהאלטער; איינער וואס בלייבט אדער פערבלייבט; איינער וואס האלט אוים ביז'ן סוף.

stay for (סטיי פאר) ווארטען.

stay from (סטיי פראם) זיך צוריקהאלטען.

stay'-hook *n.* (סטיי'-הוק) א העקעל פון א שניר-לייבקע אדער קארסעט.

stay in (סטיי אין) בלייבען אין דער היים.

stay'lace *n.* (סטיי'-לייס) שנור-באנד צונויפצוציהען א קארסעט אדער שניר-לייבקע.

stay'maker *n.* (סטיי'-מיי-קער) א קארסעטען-מאכער.

stay out (סטיי אוט) אויסען בלייבען, ניט קומען.

stay put (סטיי פוט) בלייבען וואו מען האט אנידערגעשטעלט.

stay'-rod *n.* (סטיי'-ראד) א שטיץ-שטאנג אין א דאמפף-קעסעל; א פערבינדונגס-שטאנג אין א געביידע.

stays *n.* (סטייז) א קארסעט, א שניר-לייבעל, א לייבקע [אויף פייש-ביין].

stay the stom'ach (סטיי טהי סטאמ'-עק) שטילען דעם הונגער.

stay up (סטיי אפ) 1. אונטערשטיצען; 2. אויף זיין.
2. The nurse was obliged to stay up all night with the patient.

S. T. D. ראשי תבות פון די ווערטער *Doctor of Sacred Theology* [דאקטאר דער טהעאלאגיע].

stead *n. and v.* (סטעד) אן ארט וואס אן אנדערער האט געהאט אדער קען האבען [ז. *instead*]; ביישטאנד, הילף, מיטווירקונג, דיענסט, נוץ, פארצוג, מעלה; ביישטעהן, מיטהעלפען, שטיצען, דיענען.

stead'fast *a.* (סטעד'-פעסט) פעסט, שטאנדהאפט; ענטשלאסען; ניט נאכגיביג.
I relied on my steadfast friends but I was disappointed.

stead′fastly *adv.* (סטעד′-פעסט-לי) אויף א פעסטען, שטאנדהאפטען אדער בעשטעהענדען שטיינער.

stead′fastness *n.* (סטעד′-פעסט-נעס) פעסטקייט, שטאנדהאפטינקייט, ענטשלאסענהייט.

stead′ier *n.* (סטעד′-אי-ער) אן אונטערשטיצער, אן אונטערהאלטער; אייגער אדער עפעס וואס דיענט צום אונטערשטיצען אדער אונטערהאלטען.
He uses his cane as a steadier.

stead′ily *adv.* (סטעד′-אי-לי) פעסט, ענטשלאסען, גלייכמעסיג, בעשטענדיג, סאליד, געזעצט.

stead′iness *n.* (סטעד′-אי-נעס) שטאנדהאפטינקייט, פעסטקייט; זיכערהייט, ענטשלאסענהייט, בעדאכטקייט; בעשטענדיגקייט.

stead′y *a. and v.* (סטעד′-אי) פעסט; ענטשלאסען; גלייכמעסיג; געזעצט, פלייסיג; פעסט מאכען, בעפעסטינען; מאכען סאליד, געזעצט; זיכער ווערען; זיך גלייכמעסיג בעווענען.

stead′y-go′ing *a.* (סטעד′-אי-גאו′-אינג) געזעצט, אויסגעהאלטען; וואס געהט מיט רעגעלמעסיגע טריט אין איין ריכטונג, צו איין צוועק.
He is a steady-going fellow.

steak *n.* (סטייק) א ביפשטעקס, אן אבגעשניטענעם שטיקעל פלייש צום בראטען.

steak′-maul *n.* (סטייק′-מאהל) אזא הילצערנער האמער צו צוקלאפען א ביפשטעקס, כדי צו מאכען איהם ווייכער.



Steak-maul

steak′-pan *n.* (סטייק′-פען) א סקאווארדע צו בראטען ביפשטעקס.

steal *v. and n.* (סטיעל) גנב′ענען; צונעהמען עפעס אהן רעכט און אהן יענעמס וויסען; בעגעהן א ליטערארישע גנבה, מאכען א פלאגיאט [ארויסגעבען איינעמס ווערק אלס זיין אייגענעם]; בעקומען עפעס אויף אן אונעהרליכען וועג; אריינכאפען א פרעמדע זאך; טהאן עפעס בגנבה; עפעס בעווענען אדער דורכגעהן בשתיקה אדער בעהאלטענערהייד; בעגעהן א גנבה, טהאן א גנב′ישע טהאט; א גנבה, א גנב′ישע טהאט.

steal a glance (סטיעל ע גלענס) כאפען א קוק; ווארפען א בעהאלטענעם קוק.
He stole a glance at her.

steal along′ (סטיעל ע-לאהנג′) געהן בעהאלטענערהייד, זיך דורכ′גנב′ענען.

steal a march (סטיעל ע מארטש) מארשירען אין געהיים; איבעריאגען אדער גובר זיין דעם געגנער דורך גע′גנב′עטע טריט.

steal a mar′riage (סטיעל ע מער′-אידזש) חתונה האבען שטילערהייד.

steal away′ (סטיעל ע-הוויי′) אוועקגנב′ענען עפעס; זיך ארויס′גנב′ענען, פערשווינדען אונבעמערקט.

stea′ler *n.* (סטיע′-לער) א גנב.

steal in (סטיעל אין) זיך אריינ′גנב′ענען.

stea′ling *n.* (סטיע′-לינג) דאס גנב′ענען, גנבה; א גע′גנב′עטע זאך.

stea′lingly *adv.* (סטיע′-לינג-לי) בגנבה, שטילערהייד, אונבעמערקט.

stea′lings *n.* (סטיע′-לינגז) גע′גנב′עטע זאכען; לאטכעריי, געלאטכענטע קלייניגקייטען.

steal in′to one′s fa′vor (סטיעל אינ′-טו הוואנז פיי′-וואר) זיך איינקויפען ביי איינעם אין לאסקע.

stealth *n.* (סטעלטה) מיטלען וואס ווערען געברויכט אין געהיים צו דערגרייכען עפעס.

steal′thily *adv.* (סטעל′-טהי-לי) בגנבה, אין געהיים, ניט-בעמערקט.

steal′thy *a.* (סטעל′-טהי) גנב′יש, כיטרע; וואס ברויכט געהיימע מעטאדען.

steam *n. and v.* (סטיעם) דאמפף, פארע; וואסער-דאמפף; אויסדאמפפונג; קראפט, ענערגיע; ארויסלאזען דאמפף; אויסדאמפפען; בעווענען זיך מיט דער קראפט פון דאמפף [ווי א דאמפף-שיף]; אויספארען.

steam′-blow′er *n.* (סטיעמ′-בלאו′-ער) א ווענטילאטאר וואס ווערט בעטריבען דורך דאמפף-קראפט; א פארריכטונג צו בלאזען דאמפף אין א קוימען אום צו פערגרעסערען זיין צוג-קראפט.

steam′boat *n.* (סטיעמ′-באוט) א דאמפף-שיף.

steam′boating *n.* (סטיעמ′-באו-טינג) דאס טרייבען דאמפף-שיפען; דאס אייפלען זעהר צו דער ארבייט; א מעטאדע אויסצושניידען פיעל טאוולען פאר ביכער מיט איין מאל אנשטאט אויסצושניידען זיי איינציגווייז.

steam′-boil′er *n.* (סטיעמ′-באיל′-ער) א דאמפף-קעסעל.

steam′-box *n.* (סטיעמ′-באקס) דער דאמפף-קאסטען אדער דער דאמפף-קאמער פון א דאמפף-קעסעל [דער דאמפף-רעזערוואר ביי א דאמפף-קעסעל פון וועלכען דער דאמפף געהט אריין אין צילינדער פון דער דאמפף-מאשין]; א קאסטען אין וועלכען זאכען ווערען געדאמפפט.

steam′-brake *n.* (סטיעמ′-ברייק) א דאמפף-ברעמזע [א טארמאז אדער ברעמזע צו פערהאלטען די רעדער פון א לאקאמאטיוו. די ברעמזע איז פערבונדען מיט דעם קאלבען פון דאמפף-צילינדער און ווערט געבראכט אין פונקציאן דורך דער דאמפף-קראפט].

steam′-car *n.* (סטיעמ′-קאר) א וואגאן וואס ווערט געטריבען דורך דאמפף-קראפט; אן אייזענבאהן-וואגאן.

steam′-car′riage *n.* (סטיעמ′-קער′-אידזש) א דאמפף-וואגען [א וואגען, וואס ווערט געטריבען דורך דאמפף-קראפט].

steam′-case *n.* (סטיעמ′-קיים) ז. *steam-chest*

steam′-cham′ber *n.* (סטיעמ′-טשיימ′-בער) א דאמפף-קאמער [א קאמער אדער קאסטען אין וועלכען זאכען ווערען געדאמפפט]; דער דאמפף-קאסטען אדער דאמפף-קאמער ביי א דאמפף-קעסעל פון וועלכען דער דאמפף געהט אין צילינדער פון א דאמפף-מאשין; דער דאמפף-רוים פון א דאמפף-קעסעל.

steam′-chest *n.* (סטיעמ′-טשעסט) דער דאמפף-קאמער פון א דאמפף-קעסעל [דער רעזערוואר אדער קאסטען ביי א דאמפף-קעסעל פון וועלכען עס ווערט אריינגעלאזען דער דאמפף אין צילינדער פון א דאמפף-מאשין].

steam′-chim′ney *n.* (סטיעמ′-טשימ′-ני) א דאמפף-קוימען [אזא רונדער קאמער ארום דעם קוימען פון א דאמפף-קעסעל צום איבערהיצען דעם דאמפף].

steam′-coil *n.* (סטיעמ′-קאיל) א געשלענגעלטער אדער ספיראל-פערמיגער רעהר דורך וועלכען עס ווערט געלאזען דאמפף [ווי פאר דאמפף-הייצונג].

steam′-col′or *n.* (סטיעמ′-קאל′-אר) קאליר וואס ווערט געמאכט אויף צייג אונטער דער ווירקונג פון דאמפף.

steam′-cut′ter *n.* (סטיעמ′-קאט′-ער) א דאמפף-קוטער [אזא קליינעם דאמפף-שיפעל וואס ווערט בענוצט אין דיענסט פון א גרויסער דאמפף-שיף].

steam′-cyl′inder *n.* (סטיעמ′-סיל′-אינ-דער) א דאמפף-צילינדער [פון א דאמפף-מאשין].

steam′-dome *n.* (סטיעמ′-דאום) דער דאמפף-דאם פון א דאמפף-קעסעל [א קאמער אדער קופאל איבער א דאמפף-קעסעל, וואו עס ווערט אויפגעזאמעלט דער דאמפף פון קעסעל און פון וואנען ער געהט אריין אין צילינדער פון א דאמפף-מאשין אדער אין א דאמפף-הייצונגס-אפאראט].

steam′-en′gine *n.* (סטיעמ′-ענ′-דזשין) א דאמפף-מאשין.

stea′mer *n.* (סטיע′-מער) עטוואס וואס ווערט בעטריבען מיט דאמפף-קראפט; א דאמפפער, א דאמפף-שיף; א דאמפף-מאשין, אן אייזענבאהן לאקאמאטיוו; א כלי אין וועלכער עטוואס ווערט געדאמפפט; א דאמפף-קעסעל; איינער וואס דאמפפט וועלכע עס איז מאטעריאלען.

stea′mer-duck *n.* (סטיע′-מער-דאק) אזא זעהר שנעל שווימענדע ענטעל [קאטשקע] אין זיד-אמעריקא.

steam′-gage *n.* (סטיעמ′-גיידזש) א מאנאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דאמפף-דרוק אין א דאמפף-קעסעל].

steam′-gas *n.* (סטיעמ′-געס) איבערגעהיצטער דאמפף.

steam′-gen′erator *n.* (סטיעמ′-דזשענ′-ע-ריי-טאר) א דאמפף-קעסעל.

steam′-gun *n.* (סטיעמ′-גאן) א דאמפף-הארמאט, א דאמפף-קאנאנע [א הארמאט אדער קאנאנע וואס שיסט דורך דער קראפט פון דאמפף].

steam′-ham′mer *n.* (סטיעמ′-העמ′-ער) א דאמפף-האמער [אזא גרויסער האמער אין אייזען-גיסערייען און שטאל-פאבריקען וואס ווערט בעטריבען דורך דאמפף-קראפט].



Steam-hammer

steam′-heat *n.* (סטיעמ′-היעט) די היץ

וואס פאדערט זיך צו פערוואנדלען וואסער פון 0 גראד צעלזיוס אדער 32 גראד פארנהייט אין דאמפף; דאמפף-הייצונג [די בעהייצונג פון הייזער דורך הייסען דאמפף וואס ווערט געלאזען דורך רעהרען].

steam'-hea'ted *a.* (סטימ'-היט'-טעד) געהייצט מיט דאמפף.

steam'-house *n.* (סטימ'-האוס) א דאמפף-הויז [א הויז אדער געביידע וואו געוויסע ארטיקלען ווערען געדאמפפט].

stea'miness *n.* (סטימ'-מי-נעס) דאמפפיגקייט, דונסטיגקייט; נעבעלדיגקייט, טומאנעקייט.

steam'-jack'et *n.* (סטימ'-דזשעק'-עט) א דאמפף-מאנטעל [א בלעך אדער אייזען-גוס מאנטעל ארום א דאמפף-צילינדער אדער דאמפף-קעסעל, כדי דער דאמפף זאל ניט אבגעקיהלט ווערען].

steam'-jet *n.* (סטימ'-דזשעט) א דאמפף-שטראם וואס ווערט ארויסגעלאזען פון א שנויץ אדער פון א רעהר.

steam'-ket'tle *n.* (סטימ'-קעט'ל) א קעסעל וואס ווערט דערהיצט דורך דאמפף.

steam'-kitch'en *n.* (סטימ'-קיטש'-ען) א דאמפף-קיך [אן אפאראט צו קאכען מיט דאמפף].

steam'-launch *n.* (סטימ'-לאנטש) א דאמפף-בארקע צו פיהרען פאסאזשירען.

steam'-laun'dry *n.* (סטימ'-לאנ'-דרי) א דאמפף-וועשעריי [א וועשעריי, וואו מען ארבייט מיט דאמפף-מאשינען].

steam'-mo'tor *n.* (סטימ'-מאו'-טאר) א דאמפף-מאטאר, א דאמפף-מאשין.

steam'-naviga'tion *n.* (סטימ'-נעוו-אי-גיי'-שאן) דאמפף-שיפפאהרט [די בענוצונג פון דאמפף צו בעטרייבען שיפען].

steam'-pack'et *n.* (סטימ'-פעק'-עט) א פאסט-דאמפפער [א דאמפף-שיף וואס פיהרט פאסט].

steam'-pipe *n.* (סטימ'-פאיפ) א דאמפף-רעהר.

steam'-plow *n.* (סטימ'-פלאו) א דאמפף-פלוג [אן אקער-אייזען וואס ווערט געטריבען מיט דאמפף-קראפט].

steam'-port *n.* (סטימ'-פאורט) די עפנונג אין א דאמפף-קעסעל דורך וועלכער עס געהט ארויס דער דאמפף; א דאמפף-וועג, א דורכגאנג פאר דאמפף.

steam'-pow'er *n.* (סטימ'-פאו'-ער) דאמפף-קראפט.

steam'-press *n.* (סטימ'-פרעס) א דאמפף-פרעס; א דרוק-פרעס וואס ווערט בעטריבען מיט דאמפף-קראפט.

steam'-pump *n.* (סטימ'-פאמפ) א דאמפף-פומפ [א פומפ וואס ווערט בעטריבען דורך דאמפף-קראפט].

steam'-ra'diator *n.* (סטימ'-ריי'-די-איי-טאר) א דאמפף-אויסשטראהלער [א סיסטעם פון רעהרען דורך וועלכע עס ווערט געלאזען הייסער דאמפף צו בעהייצען הייזער].

steam'-roll'er *n.* (סטימ'-ראול'-ער) א דאמפף-וואלץ וואס ווערט בענוצט ביים ברוקירען גאסען איינצוודריקען און אויסצוגלייכען די שטיינער; א שטארקע ארגאניזירטע מאכט פון איינינע פערזאנען אין א פארטיי אדער פעראיין, וועלכע פיהרען דורך זייער ווילען, ניט קוקענדיג אויף דעם ווידערשטאנד פון זייערע געגנער.

steam'-room *n.* (סטימ'-רוהם) דער דאמפף-רוים אין א דאמפף-קעסעל.

steam'ship *n.* (סטימ'-שיפ) א דאמפף-שיף.

steam'-ta'ble *n.* (סטימ'-טיי'-בל) א דאמפף-טיש [א טיש וועלכער ווערט געווארעמט מיט דאמפף, אז דאס עסען וואס ווערט געשטעלט אויף איהם זאל ניט אבגעקיהלט ווערען. ווערט בענוצט אין די קיכען פון רעסטאראנען און האטעלען].

steam'-tank *n.* (סטימ'-טענק) א קאסטען אדער פאס אין וועלכען מאטעריאלען ווערען בעהאנדעלט מיט דאמפף.

steam'-tight *a.* (סטימ'-טאיט) דאמפף-פעסט [וואס לאזט ניט דורך קיין דאמפף].

steam'-trap *n.* (סטימ'-טרעפ) א פאר-ריכטונג אין א דאמפף-רעהר, אין א דאמפף-צילינדער א. ד. ג. ארויסצולאזען דאס וואסער וואס האט זיך בעקומען פון דעם אבגעקיהלטען דאמפף.

steam'-tug *n.* (סטימ'-טאג) א שלעפ-דאמפפער [א דאמפף-שיף וואס ווערט בענוצט צו שלעפען שיפען, האלץ-פליטען, נעצען א. ד. ג.].

steam'-valve *n.* (סטימ'-וועלוו) א דאמפף-ווענטיל [א ווענטיל אדער קלאפע וואס קאנטראלירט די עפנונג פון א דאמפף-רעהר אדער אירגענד וועלכע עפנונג דורך וועלכער דאמפף דארף דורכגעהן].

steam'-ves'sel *n.* (סטימ'-וועס'-על) ז. ***steamship***

steam'-wheel *n.* (סטימ'-הוויל) א דאמפף-טורבינע [אזא ראד מיט קליינע שויפלען וועלכע ווערט געטריבען פון א דאמפף-שטראם וואס ווערט געלאזען אויף די שויפלען].

steam'-whis'tle *n.* (סטימ'-הוויס'ל) א דאמפף-פייפעל צו געבען סיגנאלען [ווי אויף פאבריקען, שיפען, לאקאמאטיוון א. ד. ג.].

stea'my *a.* (סטימ'-מי) וואס בעשטעהט פון דאמפף; דאמפפיג; פייכט, דונסטיג.

steam'-yacht *n.* (סטימ'-יאט) א דאמפף-יאכטע. ז. ***yacht***

stean *n.* (סטין) ז. ***steen***

ste'arate *n.* (סטי'-ע-רייט) דאס סטעארין-זויערע זאלץ. ז. ***stearic acid***

stear'ic *a.* (סטי-ער'-איק) סטעארינאוויג, פון סטעארין.

stear'ic ac'id (סטי-ער'-איק עס'-איד) סטעארין-זויערע, איינער פון די בעשטאנדטיילען פון פעטס, וואס פון איהם ווערען געמאכט סטעארינאווע ליכט.

ste'arin *n.* (סטי'-ע-רין) סטעארין [בעקומט זיך דורך א כעמישער פערבינדונג פון סטעארין-זויערע מיט גליצערין].

ste'arinery *n.* (סטי'-ע-רינ-ער-אי) די פאבריקאציאן פון סטעארין אדער סטעארינאווע פראדוקטען.

ste'atite *n.* (סטי'-ע-טאיט) דער פעטשטיין אדער זייפענשטיין [אזא ווייכער אדער גרינער פעטליכער מינעראל].

steatit'ic *a.* (סטי-ע-טיט'-איק) וואס איז שייך צום פעט-שטיין אדער זייפענשטיין. ז. ***steatite***

steato'ma *n.* (סטי-ע-טאו'-מא) ז. ***liparocele***

steatopy'ga *n.* (סטי-ע-טא-פאי'-גא) זעהר א דיקער הינטער-חלק אדער אחור [ווי ביי די האטענטאטישע פרויען].

steatorrhe'a *n.* (סטי-ע-טא-רי'-א) ז. ***seborrhea***

steato'sis *n.* (סטי-ע-טאו'-סיס) א קראנקהייט פון די פעטס-דריזען.

steed *n.* (סטיד) א פערד, א קריגס-פערד.

steel *n., a. and v.* (סטיעל) שטאהל; עפעס געמאכט פון שטאהל, א שווערד; א שטיקעל שטאהל אויסצוהאקען א פונק; געמאכט פון שטאהל; הארט ווי שטאהל; אונבויגזאם; ניט נאכגעביג; אנשטאהלעווען, צוגעבען א שטאהלענעם ענד אדער שפיץ; מאכען הארט ווי שטאהל; מאכען אונבויגזאם; מאכען עהנליך צו שטאהל, פאלירען, גלאט מאכען.

steel'-blue *a. and n.* (סטיעל'-בלוה) טונקעל-בלוי; א טונקעל-בלויער קאליר.

steel'boy *n.* (סטיעל'-באי) איינער פון די מיאטעזשניקעס, וועלכע האבען אין די יאהרען 1772—74 אנגעפיהרט אין אירלאנד גרויסע אגרער-בונטען.

steel'-cap *n.* (סטיעל'-קעפ) א שטאהלענער העלם.

steel'-clad *a.* (סטיעל'-קלעד) בעפאנצערט מיט א שטאהלענעם פאנצער.

steel'-cov'ered *a.* (סטיעל'-קאוו'-ערד) בעדעקט מיט שטאהל, בעפאנצערט.

steel'-engra'ving *n.* (סטיעל'-ענ-גריי'-ווינג) דאס גראווירען אין שטאהל; די צייכנונג אין א שטאהל-גראוויר; אן אבדרוק פון שטאהל-גראוויר.

steel'-goods *n.* (סטיעל'-גודז) שטאהל-סחורות, שטאהל-וואארען.

steelifica'tion *n.* (סטיע-לי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אייזען אין שטאהל.

stee'lify *v.* (סטיע'-לי-פאי) פערוואנדלען אייזען אין שטאהל.

stee'liness *n.* (סטיע'-לי-נעס) שטאהליגקייט, דאס זיין פון שטאהל אדער עהנליך צו שטאהל; הארטקייט.

stee'ling *n.* (סטיע'-לינג) דאס אנשטאהלעווען, דאס צוגעבען א שארף שטיקעל שטאהל צו א שניידענדען אינסטרומענט; דאס איבערציהען א קופער-שטיך מיט א דינעם שיכט פון אייזען.

steel'-pen *n.* (סטיעל'-פען) א שטאהלענע פעדער [צום שרייבען].

steel'-press *n.* (סטיעל'-פרעס) א מאשין וואס פרעסט אוים צושמעלצענע שטאהל אין שטיקער.

steel'-rod *n.* (סטיעל'-ראד) א שטאהל-שטאנג.

steel'-spring *n.* (סטיעל'-ספרינג) א שטאהלענע פרוזשינע.

steel'-string *n.* (סטיעל'-סטרינג) א שטאהלענע סטרונע.

steel'ware *n.* (סטיעל'-הועהר) שטאהלענע כלים אדער זאכען.

steel'work *n.* (סטיעל'-הוואירק) שטאהלענע ארטיקלען; זאכען געמאכט פון שטאהל.

steel'-wor'ker *n.* (סטיעל'-הוואיר'-קער) א שטאהל-ארבייטער; אן אייזען-ארבייטער.

steel'-works *n.* (סטיעל'-הוואירקס) א שטאהל-גיסעריי, א פאבריק וואו אייזען ווערט פערוואנדעלט אין שטאהל.

stee'ly *a.* (סטיע'-לי) פון שטאהל; עהנליך צו שטאהל; הארט, שטייף, הארטנעקיג, ניט-נאכגיביג; פון א שטאהל-קאליר.

steel'yard *n.* (סטיעל'-יארד) א בעזמען, א שנעל-וואג.

Steelyard

steen *n.* (סטיען) א מין אלט־רוימישע קרוג געמאכט פון שטיין.

steen'bok *n.* (סטיענ'־באק) דער שטיינבאק [אזא אפריקאנישע אנטילאפע].

steep *a., n. and v.* (סטיעפ) שטארק משופע'דיג; אונגעהייער, גוואלדיג; שווער; א שטארקע משופע'דיגקייט, א שטארק משופע'דיגער פלאץ; ווייקונג, נעצונג, אנזאפונג; אן אויפגוס אויף קערנער [זיי ווייך צו מאכען]; ווייקען, איינווייקען, נעצען, איינטונקען; אנזאפען; גענוויקט ווערען, איינגעווייקט ווערען; ווערען אנגעווייקט אדער אנגעזאפט.

steep'-down *a.* (סטיעפ'־דאון) שטארק משופע'דיג, בארג־אראב.

stee'pen *v.* (סטיעפען) ווערען שטארק משופע'דיג.

stee'per *n.* (סטיע'־פער) [א ווייק־פאס [א פאס אדער קעסעל צום ווייקען פערשיעדענע זאכען].

steep'-grass *n.* (סטיעפ'־גרעס) פוטער־גראז, פעט־קרויט, פוטער־קרויט [אזא פלאנצע]. ז. ***butterwort***

stee'piness *n.* (סטיע'־פי־נעס) ז. ***steepness***

stee'ping-pool *n.* (סטיע'־פינג־פוהל) א טייכעל צום ווייקען האנף אדער קאנאפליע.

stee'ping-vat *n.* (סטיע'־פינג־וועט) ז. ***steeper***

stee'ple *n.* (סטיעפל) א שפיציגער טורם [אויף א געביידע]; א קירכען־טורעם, א גלאקען־טורעם; אזא הויכער פרויען קאפצודעק [געווען אין געברויך אין 14טען יאהרהונדערט]; א פיראמידען־עהנליכע קופע פיש [צום טריקענען].

stee'plechase *n.* (סטיע'פל־טשיים) א וועט־לויף אויף פערד ניט מיט'ן געוועהנליכען וועג, נאר איבער פעלדער, גערטנער א. ז. וו. דערביי מוזען איבערגעשפרונגען ווערען אלע שטערונגען ווי פלויטען, גריבער א. ז. וו.

stee'plechaser *n.* (סטיע'פל־טשייסער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פערד־וועט־לויף איבער פעלדער, גערטנער א. ז. וו.; א פערד וואס נעהמט אנטייל אדער איז געלערענט צו נעהמען אנטייל אין אזא וועט־לויף. ז. ***steeplechase***

stee'plechasing *n.* (סטיע'פל־טשייסינג) דאס אנטייל נעהמען אין א וועטלויף אויף פערד מיט נאטירליכע שטערונגען. ז. ***steeplechase***

stee'ple-crowned *a.* (סטיע'פל־קראונד) וואס זעהט אויס ווי א שפיציגער טורעם [ווענען היט און קאפ־צודעקען בכלל].

stee'pled *a.* (סטיעפלד) 1. בעציערט מיט א טורעם אדער גלאקען־טורעם; 2. שפיציג, טורעם־פערמיג.

1. We saw the steepled mass of cathedrals rise far into the blue. 2. Steepled hats are out of fashion now.

stee'ple-hat *n.* (סטיע'פל־העט) א טורעם־פערמיגער הוט, א שפיציגער הוט.

stee'ple-house *n.* (סטיע'פל־האוס) א קירך, א קירכען־געביידע.

stee'ple-hun'ting *n.* (סטיע'פל־האנ'־טינג) ז. ***steeplechasing***

stee'ple-jack *n.* (סטיע'פל־דזשעק) אן ארבייטער וואס קריכט אויף טורעמס און קוימענס, אום צו פערריכטען עפעס אויף די געביידעס אדער אום צו מאכען רעשטאוואציעס.

stee'pletop *n.* (סטיע'פל־טאפ) אזא וואלפיש מיט א פערשפיצטען קאפ. ז. ***bow-head***

stee'plewise *adv.* (סטיע'פל־הוואיז) ווי א טורעם, ווי א גלאקען־טורעם אדער קירכען־טורעם.

steep'ly *adv.* (סטיעפ'־לי) שטארק משופע'דיג.

steep'ness *n.* (סטיעפ'־נעס) שטארקע משופע'דיגקייט.

steep'-to *a.* (סטיעפ'־טו) שטארק משופע'דיג [ווענען הויכע ברעגען, וואס ניט ווייט פון זיי איז שוין דאס וואסער טיעף].

steep'-tub *n.* (סטיעפ'־טאב) א ווייק־טאפ [אויסצואווייקען געזאלצען פלייש].

steep'-up *a.* (סטיעפ'־אפ) וואס שטייגט שטארק משופע'דיג [ווי למשל, א בארג].

steep'-wa'ter *n.* (סטיעפ'־הוואה'־טער) א וואסער וואס איז גוט צום ווייקען עפעס [הויפטזעכליך האנף אדער קאנאפליע].

steep'weed *n.* (סטיעפ'־הוויעד) ז. ***steep-grass***

steep'wort *n.* (סטיעפ'־הוואירט) ז. ***steep-grass***

stee'py *a.* (סטיע'־פי) שטארק משופע'דיג.

steer *v. and n.* (סטיער) 1. רודערען, פיהרען אדער ריכטען א שיף; 2. געהן אין א געוויסער ריכטונג אויף'ן ים; 3. זיך לייכט לאזען פיהרען [ווענען א שיף]; 4. ריכטען; זיך ריכטען; זיך אויפפיהרען; 5. פיהרען, שטעהן ביים רודער, לייטען, קאנטראלירען, פערוואלטען, רעגיערען; 6. קאסטרירען, בעשניידען [אן אקס]; 7. א יונגער אקס, א בוהאי [הויפטזעכליך א בעשניטענער].

2. The ship steers southward. 3. The vessel steers with ease. 4. With a firm hand and unbroken energy he steers his way.

steer'able *a.* (סטיער'־עבל) וואס קען געפיהרט ווערען, געריכטעט ווערען, געלייטעט ווערען אדער קאנטראלירט ווערען.

Air-navigation was greatly advanced by the invention of the steerable balloon.

steer'age *n.* (סטיער'־עדזש) דאס רודערען, דאס פיהרען אדער ריכטען א שיף; פיהרונג, לייטונג; א ריכטונג, א קורס; א רודער; רעגיערונג, פערוואלטונג; די ווירקונג פון א רודער אויף א שיף; דער צווישענדעק אויף א שיף.

steer'age pas'senger (סטיער'־עדזש פעס'־ענ־דזשער) א צווישענדעק־פאסאזשיר.

steer'ageway *n.* (סטיער'־עדזש־הוויי) די געשווינדקייט פון א שיף וואס זי מוז האבען, אום צו פיהלען די ווירקונג פון'ם רודער.

steer clear of (סטיער קליער אוו) אויסווייכען, אויסמיידען.

It often requires great moral courage to steer clear of the temptations of riches.

steer'er *n.* (סטיער'־ער) א שטייערער, א שטייערמאן [אויף א שיף]; דער שטאנג מיט דעם קליינעם רעדעל, דורך וועלכען א דריי־רעדערדיגער וועלאסיפעד ווערט אנגעטריבען; איינער וואס פערפיהרט אימעצען אין א פלאץ, וואו ער ווערט בעשווינדעלט.

steer'ing *n. and a.* (סטיער'־אינג) ריכטונג, ציעל; פערוואלטונג, לייטונג; דאס רודערען; רודערענד; ריכטענד, פיהרענד, לייטענד.

steer'ing commit'tee (סטיער'־אינג קא־מיט'־אי) א קאמיטעע וואס פיהרט אן א וואהל־קאמפף.

steer'ing-com'pass *n.* (סטיער'־אינג־קאמ'־פעס) דער שיפס־קאמפאס ביים שטייער־ראד.

steer'ing-gear *n.* (סטיער'־אינג־גיער) דאס שטייער־בעטריעבס־ווערק [דער מעכאניזם צום קירעווען און צו קאנטראלירען דעם רודער פון א שיף אדער די פאדערשטע רעדער פון אן אויטאמאביל].

steer'ing-wheel *n.* (סטיער'־אינג־הוויעל) דאס שטייער־ראד פון א שיף; דאס שטייער־ראד מיט וועלכען מען קירעוועט אן אויטאמאביל.

steer'ling *n.* (סטיער'־לינג) א יונג עקסעל.

steer small (סטיער סמאהל) לייכט רודערען, רודערען אזוי אז די שיף זאל געהן אין א גלייכער ריכטונג.

steers'man *n.* (סטיערז'־מען) א רודערער; א שטייערמאן.

steers'manship *n.* (סטיערז'־מענ־שיפ) שטייערמאנשאפט; שטייערמאן־קונסט; די קונסט צו רודערען אדער פיהרען א שיף.

steeve *n. and v.* (סטיעוו) א הויב־מאשין צום אוועקלעגען פראכט אויף א שיף; דער ערהויבונגס־ווינקעל פון דעם בוגשפריעט [דער שטאנג וואס שטארצט ארויס אויף דעם פאדערטייל פון א שיף] מיט דעם האריזאנט; אוועקשטעלען אונטער א געוויסען ווינקעל, שטעהן אונטער א געוויסען ווינקעל [ווענען בוגשפריעט]; אנלאדען פראכט אויף א שיף.

steganog'raphy *n.* (סטעג־ע־נאג'־רע־פי) שיפער, שיפרירטע שריפט, פערשטעלטע שריפט, געהיים־שריפט; די שיפריר־קונסט.

stein'bock *n.* (סטאינ'־באק) דער שטיינבאק. ז. ***steenbok***

stein'heilite *n.* (סטאינ'־האי־לאיט) א מין יאליט. ז. ***iolite***

ste'la *n.* (סטיע'־לא) ז. ***stele***

ste'le *n.* (סטיע'־לי) א דענקמאל, מצבה אדער זייל אויף א קבר ביי די אלטע גריכען.

stel'echite *n.* (סטעל'־ע־קאיט) ז. ***stelochite***

stel'la *n.* (סטעל'־א) א — אין זאאלאגיע שטערן־עהנליכעם קערפער־טיילכעל.

stel'lar *a.* (סטעל'־אר) שטערנדיג; וואס איז שייך צו שטערן.

stel'lary *a.* (סטעל'־ע־רי) ז. ***stellar***

stel'late *a. and n.* (סטעל'־אייט) שטערנפערמיג, שטערנארטיג, שטראהליג; אין זאאלאגיע — א שטערנארטיגעם קערפערטיילכעל.

stel'lated *a.* (סטעל'־איי־טעד) שטערנארטיג, שטערנפערמיג, שטראהליג.

stel'lately *adv.* (סטעל'־אייט־לי) ווי א שטערן; אויף א שטערנפערמיגען אדער שטראהליגען אופן.

stel'lature *n.* (סטעל'־ע־טשור) ז. ***stellionate***

stellif'erous *a.* (סטע־ליפ'־ע־ראס) שטערנדיג, פול מיט שטערן.

stel'liform *a.* (סטעל'־אי־פארם) שטערנפערמיג, שטראהליג.

stel'lio *n.* (סטעל'־אי־או) די שטערן־יאשטשערקע. ז. ***star-lizard***

stel'lion *n.* (סטעל'־יאן) די שטערן־יאשטשערקע. ז. ***star-lizard***

stel'lionate *n.* (סטעל'־יאנ־אייט) א פאלשע, בעטריגערישע האנדלונג, א שווינדלערישער האנדעל.

stel'lite *n.* (סטעל'־איט) דער סטעליט [אזא מינעראל].

stel'lular *a.* (סטעל'־יו־לאר) ווי קליינע שטערנדלעך; בעשפרענקעלט מיט קליינע שטערנדלעך.

stel'lulate *a.* (סטעל'־יו־לייט) ז. ***stellular***

stel'ochite *n.* (סטעל'-א-קאיט) קויהלען-זויערער קאלך [אזא מינעראל].

stem *n. and v.* (סטעם) א שטאם [פון א בוים]; א שטענגעל [פון א בלום אדער בלאט]; א פאמיליען-שטאם; א פאמיליען-ליניע; אבשטאמונג; א פאמיליען-אבצווייגונג; א הענטעל, א שטיעל; א שטענגעלעהנליכער טייל פון עפעס; דער האריזאנטאלער שטריך ביי א מוזיק-נאטע; די אנפאנגס-פארם פון א ווארט; דער פאדערטייל פון א שיף; דער באלקען וואס פעראייניגט פון פארענט די ביידע זייטען פון א שיף; געהן פארויס; געהן נעגען, בייקומען, געהן פארויס נעגען שטערונגען [הויפטזעכליך וועגען א שיף וואס נעהט נעגען שטראם אדער געגען ווינד]; פערהאלטען, אבהאלטען; פערשטייפען; פערצעמענטעווען; זיך אנשטויסען מיט'ן פאדערטייל [וועגען א שיף].

stem'-end *n.* (סטעמ'-ענד) דער שטאם-ענד פון א פרוכט [דער טייל, מיט וועלכען א פרוכט איז בעפעסטיגט צום שטענגעל].

stem'-leaf *n.* (סטעמ'-ליעף) א שטענגעל-בלאט [וואס וואקסט פון שטענגעל].

stem'less *a.* (סטעמ'-לעס) אהן א שטענגעל.

stem'let *n.* (סטעמ'-לעט) א שטענגעלע, א קליינער שטאם.

stem'ma *n.* (סטעמ'-א) א פאמיליען-שטאם, א פאמיליען-צעטעל; א פאמיליע; איינס פון די מיקראסקאפישע אויגעלעך, פון וועלכע עס איז צוזאמענגעשטעלט דאס אויג פון אן אינזעקט; א פונקט-אויג [אזא אונבעוועגליכעס אויג אויף'ן קאפ פון אינזעקטען]; דאס ווארצעלע פון א פיהלערנדעל [ביי אינזעקטען].

stem'matous *a.* (סטעמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו א מיקראסקאפישען אויגעל אדער צו א פונקט-אויג [ביי אינזעקטען]. ז. ***stemma***.

stemmed *a.* (סטעמד) וואס האט א שטאם אדער שטענגעל [געברויכט מייסטענס אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

This is a straight-stemmed plant.

stem'mer *n.* (סטעמ'-ער) אן אינסטרומענט צו פערצעמענטעווען פערבינדונגען אדער געלענקען.

stem'mery *n.* (סטעמ'-ער-אי) א פאבריק, וואו מען שניידט אב די טאבאק-בלעטער פון די שטענגלעך.

stem'ple *n.* (סטעמפל) דאס יאך-האלץ אדער קוווער-האלץ [אין א קויהלען-גרוב אדער מעטאל-גרוב].

stem'-rot *n.* (סטעמ'-ראט) א קראנקהאפטער צושטאנד פון פלאנצען-שטענגלעך.

stem'-win'der *n.* (סטעמ'-הוואינ'-דער) א רעמאנטואר-זייגער [וואס ווערט אנגעצויגען אהן א בעזונדערען שליסעל].

stench *n.* (סטענטש) א געשטאנק.

stench'-pipe *n.* (סטענטש'-פאיפ) אן אבצווייגונג פון א שמוץ-רעהר איבער א הויז [אום ארויסצולאזען דעם געשטאנק].

stench'-trap *n.* (סטענטש'-טרעפ) דער וואסער-פערשלוס אדער די שלים-קלאפע [א פערטיעפונג אין א קאנאליזאציאנס-רעהר, וואס איז אנגעפילט מיט וואסער און לאזט ניט ארויס די שלעכטע ריחות].

sten'chy *a.* (סטענ'-טשי) שטינקענד.

sten'cil *n. and v.* (סטענ'-סיל) א שאבלאן [א בלעכעל אדער פאפיערעל, אין וועלכען עס איז אויסגעשניטען א בוכשטאב אדער צייכנונג צום אבדרוקען אויף צייג, האלץ א. ד. ג. בעשמירענדיג מיט טינט אדער פארב]; שאבלאן-פארב, שאבלאן-טינט; צייכנען אדער מאלען מיט דער הילף פון שאבלאנען.

sten'ciler *n.* (סטענ'-סיל-ער) א שאבלאנען-מאלער, איינער וואס מאלט מיט דער הילף פון שאבלאנען. ז. ***stencil***.

sten'ciling *n.* (סטענ'-סיל-אינג) שאבלאנען-מאלעריי, דאס מאלען אוזארען מיט דער הילף פון שאבלאנען. ז. ***stencil***.

sten'ciling-press *n.* (סטענ'-סיל-אינג-פרעס) א שאבלאן-דרוק-פרעס [א פרעס אויף וועלכען מען דרוקט מיט דער הילף פון שאבלאנען]. ז. ***stencil***.

sten'ciller *n.* (סטענ'-סיל-ער) ז. ***stenciler***.

sten'cilling *n.* (סטענ'-סיל-אינג) ז. ***stenciling***.

sten'cil-machine' *n.* (סטענ'-סיל-מע-שין') א שאבלאנען-מאשין [אזא מאשין צו מאכען שאבלאנען פון געאוילטען פאפיער]. ז. ***stencil***.

sten'cil-pen *n.* (סטענ'-סיל-פען) א מאשין אויסצושניידען שאבלאנען. ז. ***stencil***.

sten'cil-plate *n.* (סטענ'-סיל-פלייט) ז. ***stencil***.

stenocar'dia *n.* (סטענ-א-קאר'-די-א) שמאל-בריסטיגקייט, ענג-בריסטיגקייט.

stenoceph'alous *a.* (סטענ-א-סעפ'-ע-לאס) שמאל-קעפיג.

sten'ograph *n.* (סטענ'-א-גרעף) א סטענאגראפישער צייכען; א סטענאגראפיע; א סטענאגראפישע שרייב-מאשין [צום שרייבען ניט מיט בוכשטאבען, נאר מיט סטענאגראפישע צייכענס].

stenog'rapher *n.* (סטי-נאג'-רע-פער) א סטענאגראף. ז. ***stenography***.

stenograph'ic *a.* (סטענ-א-גרעפ'-איק) סטענאגראפיש. ז. ***stenography***.

stenograph'ical *a.* (סטענ-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***stenographic***.

stenograph'ically *adv.* (סטענ-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) סטענאגראפיש; מיט סטענאגראפישע צייכענס אנשטאט בוכשטאבען. ז. ***stenography***.

stenog'raphist *n.* (סטי-נאג'-רע-פיסט) ז. ***stenographer***.

stenog'raphy *n.* (סטי-נאג'-רע-פי) סטענאגראפיע [א סיסטעם פון שנעלשרייבען מיט קורצע צייכענס, וועלכע פערנעהמען דעם פלאץ פון בוכשטאבען, איינצעלנע ווערטער אדער גאנצע גרופען ווערטער].

stenopa'ic *a.* (סטענ-א-פיי'-איק) וואס האט א שמאלע עפנונג.

stenosed' *a.* (סטי-נאוסט') קראנקהאפט פערשמעלערט אדער פערענגט [וועגען א קערפער-עפנונג].

steno'sis *n.* (סטי-נאו'-סיס) א קראנקהאפטע פערשמעלערונג פון א קערפער-עפנונג.

stenoteleg'raphy *n.* (סטענ-א-טי-לעג'-רע-פי) סטענאטעלעגראפיע, דאס טעלעגראפירען מיט קורצע סטענאגראפישע צייכענס.

stenot'erous *a.* (סטי-נאט'-ע-ראס) וואס פערשמעלערט זיך ביסלעכווייז פון צענטער צום ראנד אדער אויבערפלעכע.

stenot'ic *a.* (סטי-נאט'-איק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א קראנקהאפטער פערשמעלערונג פון א קערפער-עפנונג.

sten'otype *n.* (סטענ'-א-טאיפ) א געוועהנליכער געדרוקטער בוכשטאב, וואס ווערט געברויכט אלס סטענאגראפישער צייכען.

sten'otypy *n.* (סטענ'-א-טאי-פי) דאס געברויכען געוועהנליכע געדרוקטע בוכשטאבען אלס סטענאגראפישע צייכענס.

stent *n.* (סטענט) א מאשין אדער אינסטרומענט צום פאנאנדערציהען דינע באוועלנע שטאפען.

sten'ter *n. and v.* (סטענ'-טער) א מאשין אדער אינסטרומענט צום פאנאנדערציהען דינע באוועלנע שטאפען; פאנאנדערציהען דינע באוועלנע שטאפען.

sten'ter-hook *n.* (סטענ'-טער-הוק) ז. ***stent***.

sten'tor *n.* (סטענ'-טאר) א מענש מיט א שטארקער שטימע [אויף'ן נאמען פון דעם העראלד אין האמער'ס איליאדע, וועלכער האט געקענט שרייען אזוי הויך ווי 50 מענשען]; די בריל-אפע [אזא זיד-אמעריקאנישע אפע. ז. ***howler***].

Sten'tor *n.* (סטענ'-טאר) דער מין בריל-אפען [ז. ***howler***]; א מין פאליפען, וואס האבען דעם אויסזעהן פון א לייקע.

stento'rian *a.* (סטענ-טאו'-רי-ען) 1. הויך, שטארק [אין קלאנג]; 2. וואס קען ארויסגעבען הויכע קלאנגען.

1. He has a stentorian voice.

stentorophon'ic *a.* (סטענ-טא-רא-פאנ'-איק) וואס רעדט הויך; וואס קלינגט הויך.

step *v. and n.* (סטעפ) 1. טרעטען; מאכען א טריט אדער א שפאן; 2. געהן, שפאנען, א געה טהאן; 3. קומען, ארייןקומען; 4. געהן מיט געמאסטענע טריט, מיט זעלבסטווירדע אדער וואזשנעקייט; 5. אוועקשטעלען, שטעלען [דעם פוס]; 6. מעסטען דורך טריט; 7. דורכפיהרען דורך בעשטימטע טריט [א טאנץ]; 8. אוועקשטעלען אדער מאכען אין דער פארם פון טרעפ; 9. א טריט, א שריט, א שפאן; א טרעפ; 10. א שטופע, א גראד; א העכערונג; א שריט פארווערטס; 11. א פוס-שפור, א סליאד; 12. דאס געהן, טריט, א געראוש פון טריט; 13. א פערטיעפונג אריינצושטעלען אדער צו בעפעסטיגען עפעס; 14. א שריט, א מיטעל.

2. He stepped into the neighbor's house. 3 Step in, please! 5. I never stepped foot in this city. 6. The distance can easily be stepped off. 7. He stepped a stately dance. 10. The recent tariff reform is a long step in the direction of free trade. 12. I hear a step at the door.

step aside' (סטעפ ע-סאיד') אבגעהן אין א זייט, מאכען א ווארע; בעגעהן א פעהלער, אראבגעהן פון דרך הישר.

step awry' (סטעפ ע-ראי') מאכען א פעהלער, אראבגעהן פון דרך הישר; געהן שלעכט, געהן ניט ווי עס בעדארף צו זיין, זיין אהן ערפאלג.

step'brother *n.* (סטעפ'-בראטה-ער) א שטיעפברודער.

step by step (סטעפ באי סטעפ) טריט ביי טריט, שטופענווייז; מיט דעמזעלבען שריט.

step'child *n.* (סטעפ'-טשאילד) א שטיעפקינד.

step'-coun'try *n.* (סטעפ'-קאנ'-טרי) א שטיעף-פאטערלאנד, א שטיעף-מוטערלאנד.

step'dame *n.* (סטעפ'-דיים) ז. ***stepmother***.

step'-dance *n.* (סטעפ'-דענס) א טאנץ מיט פערשיעדענע און שווערע פיס-בעוועגונגען אדער א טאנץ, וואו די פיס-בעוועגונגען זיינען וויכטיגער ווי די פיגורען.

step'daughter *n.* (סטעפ'-דאה-טער) א שטיעפטאכטער.

step'father *n.* (סטעפּ'-פאַ-טהער) א שטיעפפאַטער.

step'-lad'der *n.* (סטעפּ'-לעד'-ער) א טרעפּען-לייטער, א שטעהענדער לייטער.

step'mother *n.* (סטעפּ'-מאַטה-ער) א שטיעפמוטער.

step'motherly *a.* (סטעפּ'-מאַטה-ער-לי) שטיעפמוטערליך, ווי עס פּאַסט פאַר א שטיעפמוטער; בייז, שלעכט.

step out (סטעפּ אוט) ארויסטרעטען, ארויסגעהען; מאַכען גרעסערע טריט, פערשנעלערען דעם גאַנג.

steppe *n.* (סטעפּ) א סטעפּע [א פלאַכע געגענד אין רוסלאַנד, וועלכע איז בעוואַקסען מיט גראָז און אהן ביימער].

stepped *a.* (סטעפּט) געמאַכט ווי טרעפּ; וואס בילדעט א טרעפּ; אונטערגעשפּאַרט מיט א לייטער.

stepped pyr'amid (סטעפּט פּיר'-ע-מיד) א טרעפּ-פּיראַמידע [א פּיראַמידע וואס איז געבויט אין דער פאָרם פון ריעזיגע טרעפּ]. ז. *pyramid*.

steppe mur'rain (סטעפּ מאַר'-איין) א פיה-מגפה, א רינד-פּעסט.

step'per *n.* (סטעפּ'-ער) א געהער, א לויפער; א שנעל-לויפענדעס פערד.

step'ping *n.* (סטעפּ'-אינג) דאס געהן, דאס שרייטען; טרעפּ-עהנליכע איינקערבונגען.

step'ping-stone *n.* (סטעפּ'-אינג-סטאָון) א פוס-טריט, א טריט-שטיין [אין א וואַסער צום אריבערגעהן]; א מיטעל, א הילפס-מיטעל [צו ערפאָלג אדער פאָרשריט].

steps *n.* (סטעפּס) א גאַנג, א ריכטונג; טרעפּ; א טרעפּען-לייטער, א שטעהענדער לייטער.

step'sister *n.* (סטעפּ'-סיס-טער) א שטיעפשוועסטער.

step'son *n.* (סטעפּ'-סאָן) א שטיעפזוהן.

step'-stone *n.* (סטעפּ'-סטאָון) ז. *stepping-stone*.

ster'cobilin *n.* (סטויר'-קאָ-ביל-אין) דער ברוינער פאַרב-שטאָף אין צאָה.

stercora'ceous *a.* (סטויר-קאָ-ריי'-שיאַס) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון צאָה אדער בעמיסטיגונגס-שטאָף; וואס ערנעהרט זיך מיט צאָה אדער מיסט; וואס געפינט זיך אויף מיסט [ווענען אינזעקטען].

stercoræ'mia *n.* (סטויר-קאָ-רי'-מי-א) ז. *stercoremia*.

ster'coral *a.* (סטויר'-קאָ-רעל) וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאָה].

stercora'reous *a.* (סטויר-קאָ-ריי'-רי-אַס) ז. *stercoraceous*.

ster'corary *a. and n.* (סטויר'-קאָ-רע-רי) מיסטיג; וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עקסקרעמענטען [צאָה אדער מיסט]; א פּלאַץ צו האַלטען מיסטיגונגס-שטאָפען.

ster'corate *v.* (סטויר'-קאָ-רייט) מיסטיגען.

stercora'tion *n.* (סטויר-קאָ-ריי'-שאָן) מיסטיגונג.

stercore'mia *n.* (סטויר-קאָ-רי'-מי-א) בלוט-פערדאָרבונג דורך צאָה אדער טינוף.

stercoric'olous *a.* (סטויר-קאָ-ריק'-א-לאַס) וואס האַלט זיך אין מיסט אדער עקסקרעמענטען [צאָה, טינוף].

stere *n.* (סטעהר) א קוביק-מעטער.

ster'eobate *n.* (סטער'-אי-א-בייט) א פונדאַמענט, אן אונטערבוי [פון א געביידע].

stereobat'ic *a.* (סטער-אי-א-בעט'-איק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פונדאַמענט אדער אונטערבוי פון א געביידע.

ster'eochrome *n.* (סטער'-אי-א-קראָום) א סטערעאָכראָמישעס בילד [א גלאַזירטעס בילד, א בילד געמאַכט מיט פאַרבען, וועלכע זיינען געמישט מיט וואַסער-גלאָז].

stereochro'mic *a.* (סטער-אי-א-קראָו'-מיק) סטערעאָכראָמיש, דורך סטערעאָכראָמיע [א מין וואַנד-מאָהלעריי מיט גלאַזירונג אדער מיט פאַרבען געמישט מיט וואַסער-גלאָז].

stereochro'mic proc'ess (סטער-אי-א-קראָו'-מיק פּראָס'-עס) דער סטערעאָכראָמישער פּראָצעס, סטערעאָכראָמישע מאָהלעריי. ז. *stereochromy*.

ster'eochromy *n.* (סטער'-אי-א-קראָו-מי) סטערעאָכראָמיע [א מין גלאַזירטע וואַנד-מאָהלעריי, וואו פאַרבען ווערען צוזאַמענגעמישט מיט וואַסער-גלאָז].

ster'eo-elec'tric *a.* (סטער'-אי-אָו-אי-לעק'-טריק) וואס איז שייך צו אן עלעקטרישען שטראָם, וואס ווערט ארויסגערופען דורך דער בעריהרונג פון צוויי מעטאַלען [ווי אַנטימאָן און ווימסמוט] פון פערשיעדענע טעמפּעראַטורען.

ster'eogram *n.* (סטער'-אי-א-גרעם) ז. *stereograph*.

ster'eograph *n.* (סטער'-אי-א-גרעף) א סטערעאָגראַם, א סטערעאָגראַפישעס בילד, א פערספּעקטיוו-בילד [א צייכנונג אדער בילד פון א זאַך, וואס שטעלט זי פאַר בולט אדער אזוי ווי מען וואָלט זי געזעהן אין דער ווירקליכקייט]; א סטערעאָסקאָפּ-בילד [ז. *stereoscope*].

stereograph'ic *a.* (סטער-אי-א-גרעפ'-איק) סטערעאָגראַפיש, פאַרשטעלענדיג סאָלידע קערפּער אויף א פלאַכע, אזוי אז זיי זאָלען אויסזעהן בולט.

stereograph'ical *a.* (סטער-אי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *stereographic*.

stereog'raphy *n.* (סטער-אי-אָג'-רע-פי) סטערעאָגראַפיע, די קונסט צו צייכנען סאָלידע קערפּער אזוי, אז זיי זאָלען אויסזעהן בולט; דער טייל פון געאָמעטריע וואס צייגט די איינגעשאַפטען און דעם בוי פון סאָלידע קערפּער.

stereom'eter *n.* (סטער-אי-אָמ'-ע-טער) א סטערעאָמעטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען דעם רוים-אינהאַלט פון קערפּער; אן אינסטרומענט צום בעשטימען דאס ספּעציפישע געוויכט פון פליסיגקייטען, פּולווערען אדער פעסטע קערפּער. ז. *specific gravity*].

stereomet'ric *a.* (סטער-אי-א-מעט'-ריק) סטערעאָמעטריש. ז. *stereometry*.

stereomet'rical *a.* (סטער-אי-א-מעט'-רי-קעל) ז. *stereometric*.

stereom'etry *n.* (סטער-אי-אָמ'-ע-טרי) סטערעאָמעטריע, די געאָמעטריע פון פעסטע קערפּער; דאס מעסטען דעם רוים-אינהאַלט פון קערפּער; דאס בעשטימען דאס ספּעציפישע געוויכט פון פליסיגקייטען, פּולווערס אדער פעסטע קערפּער [ז. *specific gravity*].

stereop'ticon *n.* (סטער-אי-אָפּ'-טי-קאָן) א סטערעאָפּטיקאָן, א דאָפּעלטע צויבער-לאַמטערנע. ז. *magic lantern*.

ster'eoscope *n.* (סטער'-אי-א-סקאָופּ) א סטערעאָסקאָפּ [אן אָפּטישער אינסטרומענט, מיט דער הילף פון וועלכען צוויי בילדער פון א זאַך מאַכען דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט געזעהן די זאַך בולט, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט].

stereoscop'ic *a.* (סטער-אי-א-סקאָפּ'-איק) סטערעאָסקאָפּיש, וואס זעהט אויס בולט און האט די נאַטירליכע פערספּעקטיווע [ווי א בילד געזעהן דורך א סטערעאָסקאָפּ]. ז. *stereoscope*.

stereoscop'ical *a.* (סטער-אי-א-סקאָפּ'-אי-קעל) ז. *stereoscopic*.

stereoscop'ically *adv.* (סטער-אי-א-סקאָפּ'-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א סטערעאָסקאָפּ; ווי דורך א סטערעאָסקאָפּ. ז. *stereoscope*.

ster'eoscopist *n.* (סטער'-אי-א-סקאָו-פּיסט) איינער וואס איז געניט אין געברויך אדער אין מאַכען סטערעאָסקאָפּען. ז. *stereoscope*.

ster'eoscopy *n.* (סטער'-אי-א-סקאָו-פּי) סטערעאָסקאָפּיע, דער געברויך אדער די קאָנסטרוקציאָן פון סטערעאָסקאָפּען. ז. *stereoscope*.

stereotom'ic *a.* (סטער-אי-א-טאָמ'-איק) סטערעאָטאָמיש. ז. *stereotomy*.

stereotom'ical *a.* (סטער-אי-א-טאָמ'-אי-קעל) ז. *stereotomic*.

stereot'omy *n.* (סטער-אי-אָט'-א-מי) סטערעאָטאָמיע [די וויסענשאַפט אדער די קונסט צו שניידען סאָלידע קערפּערס אין פערשיעדענע פיגורען און טיילען].

ster'eotype *n., a. and v.* (סטער'-אי-א-טאַיפּ) א סטערעאָטיפּ, א געגאָסענע שריפט-פּלאַטע; דאס דרוקען מיט שריפט-פּלאַטען; סטערעאָטיפּיש; אָבגיסען שריפט-פּלאַטען; דרוקען מיט סטערעאָטיפּען אדער שריפט-פּלאַטען.

ster'eotype-block *n.* (סטער'-אי-א-טאַיפּ-בלאָק) א סטערעאָטיפּ-קלעצעל [א קלעצעל אויף וועלכען מען שלאָגט אן א סטערעאָטיפּ אדער געגאָסענע שריפט-פּלאַטע].

ster'eotyped *a.* (סטער'-אי-א-טאַיפּט) סטערעאָטיפּיש; אָבגעדראָשען, שאַבלאָנענהאַפט [ניט אָריגינעל]; פעסטגעשטעלט, אונפערענדערליך; געדרוקט פון סטערעאָטיפּען [געגאָסענע שריפט-פּלאַטען].

ster'eotype-met'al *n.* (סטער'-אי-א-טאַיפּ-מעט'-על) סטערעאָטיפּען-מעטאַל [צום גיסען דערפון סטערעאָטיפּען אדער שריפט-פּלאַטען].

ster'eotyper *n.* (סטער'-אי-א-טאַי-פּער) א סטערעאָטיפּען-מאַכער, איינער וואס גיסט סטערעאָטיפּען אדער שריפט-פּלאַטען.

stereoty'pery *n.* (סטער-אי-א-טאַי'-פּער-אי) א סטערעאָטיפּען-גיסעריי [א פאַבריק, וואו מען מאַכט שריפט-פּלאַטען]; סטערעאָטיפּען-גיסונג, די קונסט צו מאַכען סטערעאָטיפּען.

stereotyp'ic *a.* (סטער-אי-א-טיפּ'-איק) סטערעאָטיפּיש; וואס איז שייך צו סטערעאָטיפּען [געגאָסענע שריפט-פּלאַטען].

ster'eotyping *n.* (סטער'-אי-א-טאַי-פּינג) סטערעאָטיפּירונג, דאס מאַכען סטערעאָטיפּען אדער געגאָסענע שריפט-פּלאַטען.

ster'eotypist *n.* (סטער'-אי-א-טאַי-פּיסט) ז. *stereotyper*.

stereotypog'rapher *n.* (סטער-אי-א-טאַי-פּאָג'-רע-פער) א סטערעאָטיפּ-דרוקער, איינער וואס דרוקט פון סטערעאָטיפּען אדער געגאָסענע שריפט-פּלאַטען.

stereotypog'raphy *n.* (סטער-אי-א-טאַי-פּאָג'-רע-פי) סטערעאָטיפּאָגראַפיע, סטערעאָטיפּען-דרוקעריי, דאס דרוקען פון

סטערעאטיפען אדער געגאסענע שריפט־פלאטען.

ster'eotypy *n.* (סטער'־אי־א־טאי־פי) סטערעאטיפיע, סטערעאטיפען־גיסונג, די קונסט צו גיסען שריפט־פלאטען.

ster'ile *a.* (סטער'־איל) .1 אונפרוכטבאר; .2 פריי פון באקטעריען אדער מיקראבען; .3 פרוכטלאז, נוצלאז, וואס פיהרט ניט צו קיינע רעזולטאטען; .4 טרוקען, ארעם [וועגען א געדאנק, סטיל א. ז. וו.].
3. The discussion was sterile of results.
4. His style is sterile.

sterilisa'tion *n.* (סטער־איל־אי־זיי'־שאן) ז. ***sterilization***

ster'ilise *v.* (סטער'־איל־איז) ז. ***sterilize***

steril'ity *n.* (סטע־ריל'־אי־טי) אונפרוכטבארקייט; פרוכטלאזיגקייט, רעזולטאטלאזיגקייט; טרוקענקייט, ארעמקייט [אין אידעען אדער אויסדריקע].

steriliza'tion *n.* (סטער־איל־אי־זיי'־שאן) דאס מאכען אונפרוכטבאר אדער פרוכטלאז; סטעריליזירונג [בעפרייאונג פון באקטעריען אדער מיקראבען].

ster'ilize *v.* (סטער'־איל־איז) מאכען אונפרוכטבאר אדער פרוכטלאז; סטעריליזירען, בעפרייען פון באקטעריען אדער מיקראבען.

ster'ilized milk (סטער'־איל־איזד מילק) סטעריליזירטע מילך [מילך, אין וועלכער מען האט געטויטעט די מיקראבען].

ster'ilizer *n.* (סטער'־איל־אי־זער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט אונפרוכטבאר אדער פרוכטלאז; א סטעריליזאטאר, אן אפאראט צו סטעריליזירען [צו בעפרייען פון באקטעריען אדער מיקראבען].

ster'let *n.* (סטויר'־לעט) דער סטערלעט אדער סטערליאד [א מין פיש. ווערט הויפטזעכליך הויך געשעצט צוליעב זיין איקרע אדער רויגען]. ז. ***sturgeon***

ster'ling *a. and n.* (סטויר'־לינג) פון א בעשטימטען, פעסטגעשטעלטען אדער געזעצליכען ווערטה, וואס האט די פראבע [וועגען מטבעות און ווערטהפאלע מעטאלען]; פון אנערקענטען ווערטה אדער ווירקונג; עכט, גילטיג, אמת'דיג, ריכטיג; אויסגעצייכענט, פון גרויסען ווערטה; א סטערלינג [א פארצייטיגע ענגלישע מטבע].

stern *a., n. and v.* (סטוירן) הארט; שטרענג; בייז; פינסטער, כמורנע, אונפריינדליך; פעסט, אונבויגזאם; דאס העק [דער אויבערער טייל פון דעם הינטער־טייל פון א שיף, וואו עס געפינט זיך דער רודער]; דער הינטער־טייל; דער עק; רודערען צוריקווענס; גנהן צוריקווענס [וועגען א שיף].

ster'nage *n.* (סטויר'־נעדזש) ריכטונג, קורס [פון א שיף אדער פון א פלאטע].

ster'nal *a.* (סטויר'־נעל) וואס איז שייך צום ברוסט־ביין; וואס געפינט זיך ביי דער ברוסט אדער ארום הארצען.

sternal'gia *n.* (סטויר־נעל'־דזשי־א) א וועהטאג ארום דעם ברוסט־ביין; ברוסט־שמערץ.

sterna'lis *n.* (סטויר־ניי'־ליס) א ברוסט־מוסקול.

ster'nal rib (סטויר'־נעל ריב) אן אויבערשטער ריפ [אין נעגענזאץ צו אן אונטערשטען קורצען ריפ].

stern'-board *n.* (סטוירנ'־באורד) א ריקווערטס־בעוועגונג פון א שיף.

stern'-chase *n.* (סטוירנ'־טשיים) דאס יאגען זיך נאך א שיף אין דערזעלבער ריכטונג, אין וועלכער עס געהט די פערפאלגטע שיף.

stern'-cha'ser *n.* (סטוירנ'־טשיי'־סער) א הינטער־קאנאנע [אויף א שיף צו שיסען אין א פיינדליכער שיף וואס יאגט זיך נאך].

sterned *a.* (סטוירנד) וואס האט א העק אדער הינטערטייל פון א געוויסער פארם [וועגען א שיף].

stern'-fast *n.* (סטוירנ'־פעסט) דאס הינטערטוי [א שטריק אדער קייט צו בעפעסטיגען דעם הינטערטייל פון א שיף צום לאנדונגס־פלאץ].

stern'-frame *n.* (סטוירנ'־פריים) די פערשיעדענע טיילען, פון וועלכע עס איז צוזאמענגעשטעלט דער העק [דער הינטערטייל פון א שיף].

stern'ly *adv.* (סטוירנ'־לי) אויף א שטרענגען, בייזען, כמורנעם, פינסטערען שטייגער; מיט הארטקייט; מיט פעסטקייט, מיט שטרענגקייט.

stern'ness *n.* (סטוירנ'־נעס) הארטקייט; שטרענגקייט; בייזקייט; פינסטערקייט, כמורנעקייט; פעסטקייט, אונבויגזאמקייט.

ster'num *n.* (סטויר'־נאם) דער ברוסט־ביין.

sternuta'tion *n.* (סטויר־ניו־טיי'־שאן) דאס ניסען.

sternu'tative *a.* (סטויר־ניו'־טיי־טיוו) וואס רייצט צום ניסען.

sternu'tatory *a. and n.* (סטויר־ניו'־טיי־טא־רי) וואס רייצט צום ניסען; א מיטעל צום ניסען, א ניס־פולווער.

stern'ward *adv. and a.* (סטוירנ'־הווארד) צום הינטער־טייל פון א שיף; וואס איז געריכטעט צום הינטער־טייל פון א שיף.

stern'wards *adv. and a.* (סטוירנ'־הווארדז) ז. ***sternward***

stern'way *n.* (סטוירנ'־הוויי) א ריקווערטס־בעוועגונג פון א שיף.

ster'ro-met'al *n.* (סטער'־או־מעט'־על) א מעטאל וואס בעשטעהט פון א געמיש פון קופער און צינק מיט א קליינער ביימישונג פון אייזען און צין.

ster'tor *n.* (סטויר'־טאר) א שטארקעס כראפען [ביי געוויסע קראנקהייטען].

sterto'rious *a.* (סטויר־טאו'־רי־אס) ז. ***stertorous***

sterto'riousness *n.* (סטויר־טאו'־רי־אס־נעס) ז. ***stertorousness***

ster'torous *a.* (סטויר'־טא־ראס) וואס איז פערבונדען מיט א שטארקען כראפען [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

ster'torously *adv.* (סטויר'־טא־ראס־לי) שטארק כראפענדיג; פערבונדען מיט א שטארקען כראפען [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

ster'torousness *n.* (סטויר'־טא־ראס־נעס) דאס זיין פערבונדען מיט א שטארקען כראפען [וועגען געוויסע קראנקהייטען].

stet (סטעט) זאל בלייבען [א קארעקטאר'ס בעמערקונג, אז עס זאל בלייבען ווי געדרוקט, אז די פריהער געצייכענטע אויסבעסערונג זאל ניט געמאכט ווערען]: הייסען, עס זאל בלייבען ווי געדרוקט; הייסען, אז א פריהער־געצייכענטע אויסבעסערונג זאל ניט געמאכט ווערען]: הייסען, עס זאל בלייבען ווי געוועזען.

stethid'ium *n.* (סטי־טהיד'־אי־אם) דאס ברוסט־שטיק [ביי אינזעקטען].

steth'ograph *n.* (סטעטה'־א־גרעף) א סטעטאגראף [אן אינסטרומענט צו מעסטען די אטעמונגס־בעוועגונגען פון דעם ברוסט־קאסטען].

stethom'eter *n.* (סטי־טהאמ'־ע־טער) א סטעטאמעטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען די ברוסט־בעוועגונגען ביים אטהעמען].

steth'oscope *n. and v.* (סטעטה'־א־סקאופ) א סטעטאסקאפ, אן אינסטרומענט וואס דאקטוירים בענוצען צום אויסהערען די ברוסט אדער די לונגען; אונטערזוכען מיט א סטעטאסקאפ.



Stethoscope

stethoscop'ic *a.* (סטעטה־א־סקאפ'־איק) סטעטאסקאפיש; וואס איז שייך צו דער ברוסט־אונטערזוכונג אדער צו א סטעטאסקאפ; וואס מען געפינט אויס מיט דער הילף פון א סטעטאסקאפ [א מעדיצינישער אינסטרומענט צום אויסהערען די ברוסט].

stethoscop'ical *a.* (סטעטה־א־סקאפ'־אי־קעל) ז. ***stethoscopic***

steth'oscopy *n.* (סטעטה'־א־סקאו־פי) דאס אויסהערען די ברוסט; דאס אונטערזוכען די ברוסט מיט א סטעטאסקאפ [א מעדיצינישער אינסטרומענט צום אויסהערען די ברוסט].

ste'vedore *n.* (סטי'־ווע־דאור) איינער וואס לאדט אן און לאדט אויס שיפען.

stev'en *n.* (סטעוו'־ען) א ווארט, א פערשפרעכען; אן אבמאך, א פעראברעדונג, א בעשטימונג.

stew *v. and n.* (סטיו) איינקאכען, איינדעמפפען, שמארען; איינגעקאכט ווערען, איינגעדעמפפט ווערען; איינגעקאכטע אדער איינגעדעמפפטע שפייז [הויפטזעכליך פלייש און פיש]; א כלי צום איינדעמפפען; א הייץ־צימער; א צימער צום טריקענען היט; אן אויוועז; א בארדעל, אן אונאנשטענדיג הויז; א סאזשעלקע, א טייכעל; א פלאץ צום האלטען פאזאנען [אזעלכע פויגלען]; א פלאץ צום האדעווען אדער פלאדיען אויסטערס; צורודערטקייט, אויפגערעגטקייט.

stew'ard *n. and v.* (סטיו'־ארד) א סטיווארד [א הויפמייסטער, א הויז־פערוואלטער, א ווירטשאפטס־אויפזעהער, אן עקאנאם, א פערוואלטער, א פראוויאנט־מייסטער]: אן אויפפאסער אויף די שפייזען, צימערען און דיענערשאפט אויף א שיף; פערנעהמען די שטעלע פון א סטיווארד.

stew'ardess *n.* (סטיו'־אר־דעס) א הויז־פערוואלטערין, אן עקאנאמקע; אן אויפפאסערין אדער ווארטערין אין א דאמען־קאיוטע [פון א שיף].

stew'ardly *a. and adv.* (סטיו'־ארד־לי) עקאנאמיש, איבערלעגט; מיט פארזיכט, מיט איבערלעגונג, אויף אן עקאנאמישען שטייגער.

stew'ardry *n.* (סטיו'־ארד־רי) ז. ***stewardship***

stew'ardship *n.* (סטיו'־ארד־שיפ) דאס אמט פון א סטיווארד [פערוואלטער, הויז־פערוואלטער, עקאנאם אדער פראוויאנט־מייסטער].

stew in one's own grease (סטיו

אין הוואנז און גריעס) זיך בארען אין שוויים, אבנעהן מיט שוויים.

stew'-pan *n.* (סטיו'-פען) א דעמפף⸗פאן, א שמאר⸗פאן [צום שמארען אדער דעמפפען שפייזען].

stew'-pond *n.* (סטיו'-פאנד) א סאזשעלקע, א פיש⸗טייכעל.

stew'-pot *n.* (סטיו'-פאט) א שמאר⸗טאפ, א דעמפף⸗טאפ.

stews *n.* (סטיוז) א בארדעל, אן אונאנשטענדיג הויז.

stheni'a *n.* (סטהע-נאי'-א) אין פאטאלאגיע — אן אונגעהויערע קראפט אדער ענערגיע [ווי עס ציינט זיך ארויס אין געוויסע קראנקהייטען].

sthen'ic *a.* (סטהענ'-איק) שטארק, קרעפטיג, ענערגיש; אויפרייצענד [ווענען א געפיהל]; אין פאטאלאגיע — וואס ווערט בעגלייט מיט א צו שטארקער ענערגיע [ווענען געוויסע קרענקליכע צושטענדע].

stib'ial *a.* (סטיב'-אי-על) אנטימאניש; וואס האט די אייגענשאפטען פון אנטימאניום. ז. ***antimony***

stib'ialism *n.* (סטיב'-אי-על-איזם) פער'שכור'ונג אדער פערניפטונג מיט אנטימאניום. ז. ***antimony***

stib'ium *n.* (סטיב'-אי-אם) אנטימאניום. ז. ***antimony***

stib'ogram *n.* (סטיב'-א-גרעם) א צייכנונג פון פיס⸗שפורען.

stich *n.* (סטיק) א פסוק פון תנ"ך; אן איינצעלנער פערז; א שורה פון א ליעד אדער נעדיכט; א שורה, א רייה [ווי פון בוימער].

stich'ic *a.* (סטיק'-איק) וואס בעשטעהט איבעראל פון דיעזעלבע פערזען [ווענען א נעדיכט]; וואס איז שייך צו א פערז אדער פסוק.

stich'omancy *n.* (סטיק'-א-מענ-סי) דאס טרעפען אדער נביאות זאגען דורך איינצעלנע פסוקים פון א בוך, וועלכע מען נעהמט ארויס אהן א סדר.

stichomet'rical *a.* (סטיק-א-מעט'-רי-קעל) סטיכאמעטריש; שורות⸗צעהלענד, פערזען⸗צעהלענד. ז. ***stichometry***

stichom'etry *n.* (סטי-קאמ'-ע-טרי) סטיכאמעטריע, פערזען⸗צעהלונג; אן אויסגאבע פון תנ"ך מיט אן אנווייזונג פון דער צאהל פסוקים וואס געפינען זיך אין יעדען ספר.

stick *v. and n.* (סטיק) דורכשטעכען; אריינשטעקען; ארויפשטעכען; שטעקען, זיין אריינגעשטעקט; זיין אריינגעשטאכען; צוקלעפען [ווי א פאסט⸗מארקע צו א בריעף]; שטעלען אין פערלעגענהייט; אבנארען, בעשווינדלען, בעטריגען; שלאגען א קארט [אין קארטען⸗שפיעל]; זיין צוגעקלעפט, זיין בעהעפט; האלטען זיך אן עפעס, ניט אוועקגעהן, ניט אבטרעטען; בלייבען טריי [אין פריינדשאפט, אין ליעבע]; זיין פערהאלטען, זיך אבשטעלען; זיין אין פערלעגענהייט; זיך אבשטעלען, זיין אונענטשלאסען; ארייננשטעקען שטעקענס אין א בייט, אויף וועלכע קלעטערענדע פלאנצען [ווי בעבלעך] וויקלען זיך; אין דרוקעריי — אנזעצען שריפט; א שטאך; צוקלעפונג; אנהענגליכקייט; פערלעגענהייט; אן אבשטעל; א שטילשטאנד; א שטעקען; א פלעקעל; א שפאציר⸗שטאק; עפעס וואס האט די פארם פון א שטעקעל [ווי א לאנגע צוקערקע]; דאס שטעקעל פון א סמיק; דאס שטעקעל פון א פויק⸗קלאפער; דאס וואס איז אנגעזעצט אויף א שטעקעל; א פלאקען, א נאר; א ווינקעל⸗האקען [ז. ***composing-stick***].

stick and stone (סטיק ענד סטאון) אלץ מיט איינאנדער; יעדע זאך.

stick a pin there (סטיק ע פין טהעהר) זיך עפעס פערצייכנען, זיך גוט נעהמען אין זינען, זיך פערשרייבען עפעס.

stick at (סטיק עט) זיך ניט אבשטעלען פאר עפעס, זיך ניט לאזען הינדערען.

stick at it (סטיק עט איט) אנהאלטען; ניט אבטרעטען אין דערגרייכען א זאך, ניט קוקענדיג אויף קיינע שטערונגען.

stick'-bug *n.* (סטיק'-באג) ז. ***spider-bug***

stick by (סטיק באי) 1. זיין שטארק צוגעבונדען, זיין טריי; 2. פערבלייבען, זיך 'האלטען.

2. Ill-gotten gains never stick by a man.

stick'er *n.* (סטיק'-ער) א שטעכער, איינער אדער עפעס וואס שטעכט; א חזירים⸗קוילער; דער הארפון⸗שטאנג [ארויסצוציהען פיש פון וואסער]; א שארפע בעמערקונג אדער פראגע, וואס ווערט ארויסגעזאגט מיט דעם ציעל צו שטעלען דעם געגנער אין א פערלעגענהייט און איינשטילען איהם; א צוקלעפער; איינער אדער עפעס וואס איז אנגעקלעפט, האלט זיך שטייף אן אימעצען אדער עפעס; א סחורה וואס בלייבט ביים קרעמער און ווערט ניט פערקויפט.

stick'ful *n.* (סטיק'-פול) אין דרוקעריי — אזוי פיעל שריפט⸗זאץ, וויפיעל עס קען זיך אויסשטעלען אין ווינקעל⸗האקען. ז. ***composing-stick***

stick'-han'dle *n.* (סטיק'-הענ'דל) דאס הענטעל פון א שפאציר⸗שטאק, א גאלקע.

stick'iness *n.* (סטיק'-אי-נעס) קלעפיגקייט.

stick'ing *n.* (סטיק'-אינג) דאס שטעכען; דאס האפטען; נאדעל⸗ארבייט; דאס קלעפען; דאס אבשטעלען זיך; דאס האלטען זיך.

stick'ing-place *n.* (סטיק'-אינג-פלייס) דער האלט⸗פונקט; דאס ארט וואו עפעס שטעלט זיך אב.

stick'ing-plas'ter *n.* (סטיק'-אינג-פלעס'-טער) א קלעפיגער פלאסטער צו בעדעקען קליינע וואונדען.

stick'ing-point *n.* (סטיק'-אינג-פאינט) ז. ***sticking-place***

stick'-in-the-mud' *n.* (סטיק'-אינ-טהי-מאד') א מענש פון דער אלטער וועלט, איינער וואס האלט זיך אן די אלטע אבגעלעבטע מנהגים; א קריכער, א לאנגזאמער מענש; א גארנישט.

stick'le *v.* (סטיקל) אננעהמען איינעמס צד אין א ויכוח אדער דיספוט; העפטיג שטרייטען וועגען אן אונבעדייטענדער זאך; זיךווארפען צווישען צוויי זייטען.

stick'leback *n.* (סטיק'ל-בעק) דער שטיכלינג [אזא פיש מיט שארפע שטאכלען אויף'ן רוקען. דיעזער פיש בויט א ספעציעלע נעסט, וואו ער ווארפט אב די רויגען אדער איקרע].



Stickleback

stick'ler *n.* (סטיק'-לער) א העפטיגער שטרייטער פאר עפעס [איבערהויפט פאר אן אונבעדייטענדער זאך]; א פערטיידיגער; אן עדות ביי א דועל, א סעקונדאנט.

stick'ling *n.* (סטיק'-לינג) ז. ***stickleback***

stick one's self up (סטיק הוואנז סעלף אפ) זיך ארויסשטעלען; זיך ארויסווייזען אלס א וויכטיגע פערזאן.

stick out (סטיק אוט) לאזען ארויסשטעקען; ארויסשטארצען; ניט נאכגעבען, אויסהאלטען.

stick pigs (סטיק פיגז) געהן אין געיעג אויף ווילדע חזירים מיט א פיקע אדער שפיעז.

stick to (סטיק טו) האלטען זיך פעסט אן עפעס; זיין טריי צו אימעצען אדער עפעס.

stickto'itive *a.* (סטיק-טוה'-אי-טיוו) פעסט בעשטעהענד; וואס בעשטעהט אויף עפעס מיט הארטנעקיגקייט.

stickto'itiveness *n.* (סטיק-טוה'-אי-טיוו-נעס) דאס בעשטעהן אויף עפעס מיט הארטנעקיגקייט.

stick to the point (סטיק טו טהי פאינט) זיך האלטען ביים ענין, ניט אוועקגעהן פון דער טעמא.

stick up (סטיק אפ) שטעהן אין דער הויך; שטעקען ארויף.

stick up for (סטיק אפ פאר) רעדען פאר אימעצען; פערטיידיגען עפעס.

He sticks up for his friends.

stick'y *a.* (סטיק'-אי) קלעפיג, קלעפעדיג; נאס, פייכט; ווי א שטעקען; שטייף, ניט בויגזאם.

stiff *a., n. and v.* (סטיף) שטייף, הארט, ניט בויגזאם; געדיכט; צוזאמענגעפרעסט, צונויפגעקרעמפעוועט; פערדרעהט, פערצוקט [ווי א שווערער כתב וואס איז שווער צו לייענען]; ניט לייכט, ניט פליסיג [ווי א שווערע אויסשפראך אדער רעדע]; אנגעצויגען, פארמאליסטיש, צערעמאניש; שטארק [ווי א שטארקער ווינד, א שטארקער געטראנק]; הארטנעקיג, איינגעשפארט, איינגע'עקשנ'ט; וואס איז שווער איבערצוטראגען [ווי א שלעכטע בשורה]; זעהר שווער; פעסט [ווענען פרייזען]; טויט; א טויטער מענש, א בר מנן; אין קאמערץ — וועקסלען וואס מען קען פערקויפען אדער דיסקאנטירען; געפעלשטע פאפיערען [אויף גנב'ישען לשון]; שטייף ווערען, הארט ווערען; זיין אונבויגזאם, ניט נאכגעביג.

stiff'-borne *a.* (סטיפ'-באורן) וואס איז דורכגעפיהרט געווארען מיט איינגעשפארטקייט, מיט עקשנות.

stiff'en *v.* (סטיפן) שטייף מאכען; מאכען אונבויגזאם; מאכען הארטנעקיג; ווערען שטייף; ווערען הארט; ווערען הארטנעקיג.

stiff'ener *n.* (סטיפ'-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט שטייף; א שטייפער שטאף [ווי שטייף⸗לייווענד, שטייף צו מאכען געוויסע טיילען פון קליידער]; א זארט שטייפעס פאפיער מיט וועלכען איינבינדער בעקלעפען די אינוועניגסטע זייט פון די טאוולען פון ביכער, כדי זיי שטייפער צו מאכען.

stiff'ening *n.* (סטיפ'-נינג) דאס שטייף⸗מאכען; עפעס וואס ווערט בענוצט צו מאכען שטייף [ווי קראכמאל אין וועש]; עפעס וואס ווערט אריינגעשטעלט צו מאכען די זאך שטייפער [ווי א שטיקעל הארטער צייג וואס ווערט אריינגעשטעלט אין געוויסע טיילען פון א בגד].

stiff'-hear'ted *a.* (סטיפ'-האר'-טעד) הארט⸗הערציג, הארטנעקיג.

stiff'ly *adv.* (סטיפ'-לי) אויף א שטייפען, פעסטען אדער הארטען שטייגער.

stiff neck (סטיף נעק) א הארטער נאקען, אן עקשן.

stiff'-neck *n.* (סטיפ'-נעק) פערשטייפונג פון נאקען, קרעמפּס אין נאקען.

stiff'-necked *a.* (סטיפ'-נעקט) הארט-נעקיג.

stiff'-neck'edness *n.* (סטיפ'-נעק'-עד-נעס) הארטנעקיגקייט.

stiff'ness *n.* (סטיפ'-נעס) שטייפקייט; הארטנעקיגקייט; אנגעצויגענקייט.

stiff'-starched *a.* (סטיפ'-סטארטשט) שטייף געקראכמאלט; שטייף.

stiff with cold (סטיף וויטה קאולד) פערהארטעוועט אדער פערשטארט פון קעלט.

stiff with hor'ror (סטיף וויטה האר'-אר) פערשטארט פון שרעק.

sti'fle *v. and n.* (סטאיפל) דערשטיקען, אונטערדריקען, פערשטיקען, דערשטיקט ווערען; דאס קניע-שיסעלע פון א פערד [דער שיסעל-פערמיגער פאדער-ביין פון דער קניע]; א קראנקהייט פון דעם קניע-שיסעלע.

sti'fle-bone *n.* (סטאי'פל-באון) דאס קניע-שיסעלע פון א פערד [דער שיסעל-פערמיגער פאדער-ביין פון דער קניע].

sti'fled *a.* (סטאיפלד) וואס ליידעט פון א ווערטאג אין קניע-שיסעלע. ז. *stifle-bone*.

sti'fle-joint *n.* (סטאי'פל-דזשאינט) דער קניע-געלענק ביי א פערד.

sti'fling *a.* (סטאי'-פלינג) שטיקענד, דריקענד.

stig'ma *n.* (סטיג'-מא) א בראנד-מארק, א בראנד-צייכען; א שאנד-פלעק; א פלעק אויף'ן לייב, א געבארענער צייכען; אן אטעמונגס-לעכעל ביי אן אינזעקט; אין באטאניק — די נארבע, דאס אויבערשטע עפנונגס-לעכעל פון פיסטיל [דער ווייבליכער געשלעכטס-ארגאן] ביי א פלאנצע [ז. איל.]; א בלוט-פלעק [ז. *stigmata*].

Stigma

stig'mata *n.* (סטיג'-מע-טא) סטיגמאטען, קליינע בלוט-פלעקען וואס בעווייזען זיך פון צייט צו צייט אונטער דער הויט ביי געוויסע נערוועז-קראנקהייטען [די סטיגמאטען האבען אפט דעם אויסזעהן פון קריסטוס'עס וואונדען בעת מען האט איהם געקרייציגט און זיי ציינען זיך אפט ארויס ביי קראנקע וועלכע ליידען פון רעליגיעזער משוגעת].

stigmat'ic *a. and n.* (סטיג-מעט'-איק) בעפלעקט; געבראנדמארקט, געשענדעט; מיט א נאטור-פלעק אדער מום; אין באטאניק — וואס איז שייך צו א נארבע אדער דעם עפנונגס-לעכעל פון פיסטיל [דער ווייבליכער געשלעכטס-ארגאן פון א פלאנצע]; א געבראנדמארקטער מענש; א בעוואוסטער פערברעכער; איינער וואס האט א נאטור-פלעק אדער א מום אויף'ן לייב.

stigmat'ical *a.* (סטיג-מעט'-אי-קעל) ז. *stigmatic*.

stigmat'ically *adv.* (סטיג-מעט'-אי-קעל-אי) מיט א בראנד-צייכען; אויף א געבראנדמארקטען שטייגער.

stigmatisa'tion *n.* (סטיג-מע-טי-זיי'-שאן) ז. *stigmatization*.

stig'matise *v.* (סטיג'-מע-טאיז) ז. *stigmatize*.

stig'matist *n.* (סטיג'-מע-טיסט) א סטיגמאטיסט; איינער ביי וועלכען עס ציינען זיך ארויס סטיגמאטען. ז. *stigmata*.

subjectivis'tically *adv.* (סאב-דזשעק-טי-וויס'-טי-קעל-אי) פון א סוביעקטיוויס-טישען שטאנדפונקט; בנוגע צו סוביעקטי-וויזם. ז. ***subjectivism***

subjectiv'ity *n.* (סאב-דזשעק-טיוו'-אי-טי) סוביעקטיוויטעט, די בעזונדערהייטען וואס בעלאנגען צו אן איינצעלנער פערזאן [איהר שטאנדפונקט, איהרע אידעען, איהרע שטרעבונגען]; דאס ניט האבען קיין אביעקטיווע ווירקליכקייט; פערבלענדונג [ווי פונקטען וואס פליהען פאר די אויגען ביי א שטארקען קלאפ אין קאפ].

subjec'tivize *v.* (סאב-דזשעק'-טי-וואיז) מאכען סוביעקטיוו; מאכען אלס א פער-זענליכע אנגעהעריגקייט פון דענקענדען "איך".

sub'jectless *a.* (סאב'-דזשעקט-לעס) וואס האט ניט קיין אונטערטאן אדער אונ-טערטאנען.

sub'ject-mat'ter *n.* (סאב'-דזשעקט-מעט'-ער) דער גענענשטאנד אדער די זאך וואס איז אין בעטראכט; דאס וואס פא-דערט בעטראכטונג אדער איבערלעגונג; דער הויפט-אינהאלט פון א זאך.

sub'jectness *n.* (סאב'-דזשעקט-נעס) אונטערווארפענהייט; דאס זיין אן אונ-טערטאן.

subjicibil'ity *n.* (סאב-דזשיס-אי-ביל'-אי-טי) דאס קענען ווערען א סוביעקט אין א זאץ. ז. ***subject***

subjic'ible *a.* (סאב-דזשיס'-איבל) וואס קען ווערען דער סוביעקט פון א זאץ. ז. ***subject***

subjoin' *v.* (סאב-דזשאין') צו-צוגעבען, צו-זעצען [אין א שריפט]; אנהענגען, ביי-לעגען; צושטעלען.

sub ju'dice (סאב דזשוה'-די-סי) אונ-טער גערעכטליכער פערהאנדלונג, נאך ניט גערעכטליך ענטשיידעט.

sub'jugable *a.* (סאב'-דזשו-געבל) אונ-טערייאכבאר; וואס מען קען אונטערווא-רפען אדער אונטעריאכען.

sub'jugate *v.* (סאב'-דזשו-גייט) אונ-טערווארפען, אונטעריאכען; גובר זיין, אונטערדריקען [די תאוות, די געפיהלען].

subjuga'tion *n.* (סאב-דזשו-גיי'-שאן) די אונטערווארפונג, די אונטעריאכונג.

sub'jugator *n.* (סאב'-דזשו-גיי-טאר) אן אונטערווארפער, אן אונטערדריקער; א בעזיעגער.

subjunc'tion *n.* (סאב-דזשאנק'-שאן) די צוגעבונג, די צולעגונג, די צוזעצונג [צו א זאץ אדער שריפט].

subjunc'tive *a. and n.* (סאב-דזשאנק'-טיוו) אין גראמאטיק — קאניונקטיוו, וואס דריקט אויס א בעדינגונג אדער תנאי; דער קאניונקטיוו. ז. ***subjunctive mood***

subjunc'tive mood (סאב-דזשאנק'-טיוו מוהד) אין גראמאטיק—דער קאניונק-טיווער מאדוס אדער דער קאניונקטיוו [די פארם פון א צייטווארט, וואס דריקט אויס א בעדינגונג אדער תנאי, ווי למשל: "איך וואלט נעטהאן דיין בקשה, ווען איך וואלט געהאט די מעגליכקייט"].

sub'kingdom *n.* (סאב'-קינג-דאם) איי-

נע פון די הויפט־אבטיילונגען פון דעם טהיער־רייך אדער פלאנצען־רייך.

subla'nate *a.* (סאב־ליי'־נייט) עטוואס וואליג, ווי מיט וואל בעוואקסען [וועגען פלאנצען].

sublapsa'rianism *n.* (סאב־לעפ־סיי'־רי־ען־איזם) ז. ***infralapsarianism***

sublate' *v.* (סאב־לייט') — אין לאגיק אבלייקענען, פערניינען, אנולירען.

subla'tion *n.* (סאב־ליי'־שאן) אין לאגיק — דאס אנולירען, דאס פערניינען.

sub'lative *a.* (סאב'־לע־טיוו) וואס איז גענייגט אוועקצונעהמען אדער בערויבען.

sub'lease *n.* (סאב'־ליעס) אן ארענדע־קאנטראקט, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון איינעם, וועלכער איז אליין אן ארענדאר.

sublease' *v.* (סאב־ליעס') פערדינגען א געדונגענעם הויז; אבגעבען אין ארענדע צו אן אנדערען דאס, וואס איז גענומען געווארען אין ארענדע.

sub'lessee *n.* (סאב'־לע־סיע) איינער וואס נעהמט אין ארענדע א הויז אדער א גוט פון אן אנדערען, וועלכער האלט עס אין ארענדע.

sublet' *v.* (סאב־לעט') פערדינגען ווייטער [ווי א שכן פערדינגט א וואהנונג צו אן אנדערען].

sub'levate *n.* (סאב'־לי־ווייט) .דערהויבונג, אויפהויבונג; אויפרייצונג.

subleva'tion *n.* (סאב־לי־וויי'־שאן) די ערהויבונג [צו א העכערער שטופע]; אן אויפשטאנד [פון א פאלק].

sub'lieutenant *n.* (סאב'־ליו־טענענט) אן אונטער־לייטענאנט [א נידריגערער אפיציער־ראנג אין דער ענגלישער פלאטע].

subliga'tion *n.* (סאב־לי־גיי'־שאן) די אונטערבינדונג, דאס פערבינדען פון אונטען.

subli'mable *a.* (סאב־לאי'־מעבל) אין בעמיע — וואס קען סובלימירט ווערען; וואס קען געלייטערט ווערען [וועגען הארטע שטאפען]. ז. ***sublimation***

subli'mableness *n.* (סאב־לאי'־מעבל־נעס) סובלימירבארקייט, דאס קענען סובלימירט ווערען. ז. ***sublimation***

sub'limate *v., a. and n.* (סאב'־לי־מייט) אין כעמיע — סובלימירען, פערוואנדלען א סאלידען קערפער אין דאמפף און דיעזען דאמפף דורך אבקיהלונג פערוואנדלען צוריק אין הארטען אדער סאלידען שטאף, כדי דער קערפער זאל אבגערייניגט ווערען פון די פסלת; פערפיינערען, רייניגען, ערהויבען, אידעאליזירען; סובלימירט; .ערייניגט, ערפיינערט; ערהויבען; א סובלימאט, עפעס וואס בעקומט זיך דורך סובלימירען.

sublima'tion *n.* (סאב־לי־מיי'־שאן) אין כעמיע — סובלימאציאן [א פראצעס אבצורייניגען א סאלידען קערפער פון פסלת, ביי וועלכען דער קערפער ווערט פערוואנדעלט דורך היץ אין דאמפף, און דיעזער דאמפף ווערט דורך אבקיהלונג צוריק פערוואנדעלט אין הארטען שטאף]; די פערפיינערונג, די רייניגונג; זעהר א פיינע גערייניגטע זאך.

sublima'tion the'ory (סאב־לי־מיי'־שאן טהי'־א־רי) אין געאלאגיע — די סובלימאציאנס־טעאריע [די טעאריע, אז די מעטאל־אדערען אין דער ערד האבען זיך געבילדעט פון אבגעקיהלטען מעטאל־דאמפף וואס שטראמט פון די צושמאלצענע מינעראל־מאסען אינוועניג אין דער ערד].

sub'limatory *a. and n.* (סאב'־לי־מיי־טא־רי) וואס סובלימירט; וואס ווערט בענוצט אין סובלימאציאן; דאס סובלימיר־געפעס, א כלי פאר סובלימאציאן. ז. ***sublimation***

sublime' *a., n. and v.* (סאב־לאים') דערהויבען, הויך; פראמינענט, אנגעזעהן, עמינענט; גרויסארטיג, פרעכטיג, פיין, הערליך, נאבעל; ערהאבען, הויכמוטיג, שטאלץ; אין אנאטאמיע — ארויסשטארצענד, בולט; דאס ערהאבענע; דאס אויסגעצייכענטע, דער ערהאבענער סטיל [אין רעדען אדער שרייבען]; דערהויבען; מאכען הויך אדער אנגעזעהן; רייניגען, פערפיינערען, אידעאליזירען; אין כעמיע — סובלימירט ווערען, דורכגעהן דעם פראצעס פון סובלימאציאן. ז. ***sublimation***

sublime'ly *adv.* (סאב־לאים'־לי) אויף אן ערהאבענער ארט.

sublime'ness *n.* (סאב־לאים'־נעס) ערהאבענקייט, הויכקייט, אויסגעצייכענטקייט, פארטרעפליכקייט.

Sublime' Porte (סאב־לאים' פאורט) די הויכע פארטע [די טערקישע רעגיערונג].

subli'mer *n.* (סאב־לאי'־מער) א סובלימער, אן אפאראט, דורך וועלכען עס ווערט געמאכט דער פראצעס פון סובלימאציאן. ז. ***sublimation***

sublim'inal *a.* (סאב־לימ'־אי־נעל) פערבארגען, ניט ארויסגעבראכט [וועגען אן עמפפינדונג, וועלכע איז ניט אריין אין בעוואוסטזיין].

sublim'ity *n.* (סאב־לימ'־אי־טי) ערהאבענקייט, גרויסארטיגקייט, פיינקייט; גרויסקייט, מאיעסטעטישקייט; דער העכסטער פונקט פון דערגרייכונג: דער אדער דאס וואס איז זעהר געאכטעט.

sublinea'tion *n.* (סאב־לינ־אי־איי'־שאן) דאס מאכען א שטריך פון אונטען [אונטער אווארט]; דאס אונטערשטרייכען.

sublin'gual *a.* (סאב־לינ'־גוועל) וואס געפינט זיך אונטער דער צונג.

sublit'toral *a.* (סאב־ליט'־א־רעל) וואס לעבען אונטער'ן ברעג אדער נידריגער פון דער ברעג־ליניע [וועגען וואסער־בעשעפענישען]; וואס האלטען זיך ביים ברעג.

sublu'nar *a.* (סאב־לו'־נאר) וואס געפינט זיך אונטער דער לבנה.

sub'lunary *a.* (סאב'־לו־נע־רי) וואס געפינט זיך אונטער דער לבנה; ערדיש, וועלטליך.

sublux'ate *v.* (סאב־לאק'־סייט) טיילווייז אויסלינקען.

subluxa'tion *n.* (סאב־לאק־סיי'־שאן) א טיילווייזער לונק.

submam'mary *a.* (סאב־מעמ'־ע־רי) וואס ליעגט אונטער דער ברוסט. ז. ***inframammary***

sub'manufacturer *n.* (סאב'־מען־יו־פעק־טשור־ער) א פאבריקאנט וואס פאבריצירט סחורה פאר אן אנדער פאבריקאנט.

submarine' *a. and n.* (סאב־מע־רין') אונטער'ן מעער, אונטער'ן וואסער; וואס געפינט זיך אדער וואס האלט זיך אונטער'ן וואסער; א טהיער אדער פלאנצע וואס געפינט זיך אונטער'ן וואסער; א שיף וואס געהט אונטער'ן וואסער. ז. ***submarine boat***

submarine' boat (סאב־מע־רין' באוט) א שיף, וואס איז אזוי געבויט, דאס זי קען געהן אונטער'ן וואסער [ווערט געברויכט אין א פלאטע ארויסצולאזען מינען אונטער דעם שונא'ס קריעגס־שיפען].



Submarine Boat

submarine' plants (סאב־מע־רין' פלענטס) פלאנצען וואס וואקסען אין ים אדער אונטער'ן וואסער.

submaxil'la *n.* (סאב־מעק־סיל'־א) דער אונטערשטער קינבאק.

submax'illary *n. and a.* (סאב־מעק'־סי־לע־רי) דער אונטערשטער קינבאק; וואס איז שייך צום אונטערשטען קינבאק־ביין.

submax'illary gland (סאב־מעק'־סי־לע־רי גלענד) די דריזע אונטער דעם אונטערשטען קינבאק, וועלכע טיילט אויס פון זיך שפייעכץ.

subme'dial *a.* (סאב־מי'־די־על) ז. ***submedian***

subme'dian *a.* (סאב־מי'־די־ען) וואס ליעגט ביים מיטען פון עפעס.

subme'diant *n.* (סאב־מי'־די־ענט) אין מוזיק — די אונטערמעדיאנטע [די זעקסטע נאטע פון א גאמע אדער סקאלא].

submen'tal *a.* (סאב־מענ'־טעל) וואס געפינט זיך אונטער דער מארדע אדער קין.

submerge' *v.* (סאב־מוירדזש') פערפלייצען, פערטרינקען; אונטערטונקען, אונטערטויכען.

submer'gence *n.* (סאב־מויר'־דזשענס) דאס אונטערטונקען אדער אונטערטויכען; א פערפלייצונג.

submersed' *a.* (סאב־מוירסט') אין באטאניק — וואס וואקסט אונטער'ן וואסער [וועגען געוויסע פלאנצען].

submer'sion *n.* (סאב־מויר'־שאן) דאס אונטערטונקען, דאס אונטערטויכען.

submetal'lic *a.* (סאב־מע־טעל'־איק) ניט פאלקאם מעטאליש.

submis'sion *n.* (סאב־מיש'־אן) אונטערווארפונג, דעמיטהינקייט; אונטערטעניגקייט; הכנעה; נעהארכזאמקייט; אין געזעצגעבונג — אן איינשטימונג פון צוויי שטרייטענדע צדדים איבערצוגעבען זייער שטרייט־פראגע צו בוררים אדער צו א פשרה־געריכט.

submiss'ive *a.* (סאב־מיס'־איוו) אונטערטעניג, נעהארכזאם, אונטערגעווארפען; דעמיטהיג, הכנעה'דיג.

submiss'ively *adv.* (סאב־מיס'־איוו־לי) אויף אן אונטערטעניגען אדער הכנעה'דיגען שטייגער.

submiss'iveness *n.* (סאב־מיס'־איוו־נעס) אונטערטעניגקייט, אונטערווארפענקייט; נעהארכזאמקייט, הכנעה'דיגקייט.

submit' *v.* (סאב־מיט') אונטערווארפען, אונטערגעבען; פארלעגען [צום ענטשיידען]; זיך אונטערגעבען, זיך אונטערווארפען; ערקלערען.

submit'ter *n.* (סאב־מיט'־ער) איינער וואס גיט זיך אונטער; א נאכגעבער; איינער וואס אונטערווארפט זיך; איינער וואס גיט איבער צום ענטשיידען [א פראגע, א שטרייט א. ז. וו.].

submontagne' *a.* (סאב־מאנ־טיין') ז. ***submontane***

submon'tane *a.* (סאב־מאנ'־טיין) וואס איז ביים אונטער־טייל פון א בארג.

submul'tiple *n. and a.* (סאַב-מאַל'-טיפּל) אַ צאָהל, אויף וועלכער אַן אַנדער צאָהל טיילט זיך אָהן אַ רעשט [ווי למשל, די צאָהל 7, אויף וועלכער 28 טיילט זיך אָהן אַ רעשט]; וואָס טיילט אַן אַנדער צאָהל אָהן אַ רעשט [ווענען אַ צאָהל].

submun'dane *a.* (סאַב-מאַנ'-דיין) וואָס געפינט זיך אונטער דער וועלט; אונטער-ערדיש.

submus'cular *a.* (סאַב-מאַס'-קיו-לאַר) וואָס געפינט זיך אונטער אַ מוסקול.

subnarcot'ic *a.* (סאַב-נאַר-קאַט'-איק) עטוואָס נאַרקאָטיש, בעטויבענד אָדער איינשלעפֿערענד.

subna'sal *a.* (סאַב-ניי'-זעל) וואָס געפינט זיך אונטער דער נאָז.

subnas'cent *a.* (סאַב-נעס'-ענט) וואָס וואַקסט פֿון אונטען; וואָס וואַקסט אונטער עפּעס.

subnat'ural *a.* (סאַב-נעטש'-יו-רעל) אונטער-נאַטירליך; נידריגער ווי דער חומר.

subni'trate *n.* (סאַב-נאַי'-טרייט) אַ באַזישער ניטראַט [ניט קיין פֿאָלקאָממענער ניטראַט, וואָס קען אין זיך אַריינזאַפּען נאָך סאַלפּעטער-זויערע, אום צו ווערען אַ נאָרמאַלער ניטראַט]. ז. ***nitrate***.

subnor'mal *a.* (סאַב-נאָהר'-מעל) ווענינער ווי נאָרמאַל; אין מאַטעמאַטיק — אַבגעשניטען דורך אַ פּערפּענדיקולאַרער ליניע.

subnormal'ity *n.* (סאַב-נאָהר-מעל'-אי-טי) דאָס זיין אונטער-נאָרמאַל אָדער ווענינער ווי נאָרמאַל.

subnota'tion *n.* (סאַב-נאָ-טיי'-שאַן) אַ רעסקריפּט, אַ בריעפֿליכער-ענטפֿער פֿון אַ פּאַפּסט אָדער פֿירסט. ז. ***rescript***.

subnude' *a.* (סאַב-ניוד') כמעט נאַקעט, אָהן בלעטער [ווענען פּלאַנצען].

subobscure' *a.* (סאַב-אָב-סקיור') עטוואָס דונקעל, עטוואָס פֿינסטער.

subobscure'ly *adv.* (סאַב-אַב-סקיור'-לי) פֿינסטערליך, עטוואָס דונקעל.

subobtuse' *a.* (סאַב-אַב-טיוס') עטוואָס טעמפּ, ניט זעהר שפּיציג.

suboccip'ital *a.* (סאַב-אַק-סיפּ'-אי-טעל) וואָס ליענט אונטער דעם הינטער-טייל פֿון קאָפּ; וואָס ליענט אונטער דער פּאַטילניצע.

subocean'ic *a.* (סאַב-אָ-שי-ענ'-איק) וואָס ליענט אָדער געפינט זיך אונטער'ן אָקעאַן.

sub'octave *n.* (סאַב'-אָק-טייוו) אַן אָכ-טעל; די אונטערשטע אָקטאַווע [אין מו-זיק].

suboc'tuple *a.* (סאַב-אָק'-טיופּל) וואָס ענטהאַלט אַן אַכטעל פֿון עפּעס.

suboc'ular *a.* (סאַב-אָק'-יו-לאַר) וואָס געפינט זיך אונטער'ן אויג.

subop'tic *a.* (סאַב-אָפּ'-טיק) ז. ***suborbitar***.

subo'ral *a.* (סאַב-אָו'-רעל) וואָס געפינט זיך אונטער'ן מויל.

suborbic'ular *a.* (סאַב-אָהר-ביק'-יו-לאַר) עטוואָס קרייזפֿערמיג; כמעט רונד.

suborbic'ulate *a.* (סאַב-אָהר-ביק'-יו-לייט) ז. ***suborbicular***.

subor'bitar *a.* (סאַב-אָהר'-בי-טאַר) וואָס געפינט זיך אונטער'ן אויגען-לאָך; וואָס געפינט זיך אונטער'ן אויג.

sub'order *n.* (סאַב'-אָהר-דער) אַן אונ-טער-קלאַס פֿון חיות אָדער פּלאַנצען; די ערשטע טיילונג פֿון אַ קלאַס אָדער גאַטונג; אין אַרכיטעקטור — דעקאָראַציאָנס-זיילען פֿון אַן איינפֿאַכערער פֿאָרם אין פֿערגלייך מיט די הויפּט-זיילען.

subor'dinate *a., n. and v.* (סאַב-אָהר'-די-נייט) אונטערגעאָרדענט, אונטערגע-וואָרפֿען, אַבהענגיג; קלענער, נידריגער [אין מאַכט, אין ראַנג א. ז. וו.]; אַן אונ-טערגעאָרדענטער; אַן אונטערגעאָרדענ-טעס וואָרט [אין גראַמאַטיק]; איינער וואָס איז נידריגער פֿאַר'ן צווייטען אין אַמט אָדער ראַנג; אונטעראָרדנען; מאַכען אָדער בעטראַכטען אַלס ווענינער וויכטיג; אונטערוואַרפֿען אונטער איינעמס רשות אָדער השגחה.

subor'dinately *adv.* (סאַב-אָהר'-די-נייט-לי) אויף אַן אונטערגעוואָרפֿענעם, אַבהענגיגען אָדער אונטערגעאָרדענטען אופֿן.

subor'dinateness *n.* (סאַב-אָהר'-די-נייט-נעס) אונטערגעאָרדענטקייט; אַבהענ-גיגקייט, אונטערוואָרפֿענקייט.

subordina'tion *n.* (סאַב-אָהר-די-ניי'-שאַן) די אונטעראָרדנונג, די אַבהענגיג-קייט, די אונטערוואָרפֿענקייט; דאָס זיין נידריגער אין אַמט אָדער ראַנג.

subordina'tionism *n.* (סאַב-אָהר-די-ניי'-שאַנ-איזם) אין דער קריסטליכער טעָ-אָלאָגיע — די לעהרע, אַז די צווייטע און דריטע פּערזאָן פֿון דער דריי-איינינקייט, ד. ה. "גאָט דער זוהן" און "גאָט דער היי-ליגער גייסט" זיינען נידריגער איידער די ערשטע פּערזאָן "גאָט דער פֿאָטער".

subor'dinative *a.* (סאַב-אָהר'-די-ניי-טיוו) וואָס אונטעראָרדענט; וואָס וואַרפֿט אונטער; וואָס דריקט אויס אַבהענגיגקייט; וואָס איז וויליג זיך צו אונטערוואַרפֿען.

suborn' *v.* (סאַב-אָהרן') פֿערשאַפֿען אָדער בעקומען עפּעס אויף אַן אונגעזעצ-ליכען וועג; צורעדען איינעם צו בעגעהן אַן אונגעזעצליכע טהאַט.

suborna'tion *n.* (סאַב-אָהר-ניי'-שאַן) דאָס פֿערשאַפֿען אָדער קריגען עפּעס אויף אַן אונגעזעצליכען וועג; דאָס אַנרעדען איינעם צו טהאָן אַן אונגעזעצליכע טהאַט.

suborna'tion of per'jury (סאַב-אָהר-ניי'-שאַן אָוו פּויר'-דזשו-רי) דאָס אונטערקויפֿען אַן עדות צו שווערען פֿאַלש.

subor'ner *n.* (סאַב-אָהר'-נער) איינער וואָס רעדט צו אַן אַנדערען צו אַן אונגע-זעצליכער טהאַט; איינער וואָס קויפֿט אונ-טער אַן עדות צו שווערען פֿאַלש.

subo'val *a.* (סאַב-אָו'-וועל) עטוואָס אָוואַל; כמעט איי-פֿערמיג.

subo'vate *a.* (סאַב-אָו'-ווייט) ביינאַהע איי-פֿערמיג.

subo'void *a.* (סאַב-אָו'-וואָיד) ז. ***subovate***.

subpar'allel *a.* (סאַב-פּער'-ע-לעל) כמעט פּאַראַלעל.

subpedun'culate *a.* (סאַב-פּי-דאַנ'-קיו-לייט) וואָס האָט אַ זעהר קורצען שטענגעל [ווענען פּלאַנצען]; וואָס וואַקסט פֿון אַ זעהר קורצען בלומען-שטענגעל.

subpellu'cid *a.* (סאַב-פּע-ליו'-סיד) כמעט דורכזיכטיג.

subpe'na *n. and v.* (סאַב-פּי'-נאַ) ז. ***subpœna***.

subper'manent *a.* (סאַב-פּויר'-מע-נענט) כמעט פּערמאַנענט, וואָס האַלט אַן פֿאַר אַ לאַנגער צייט אָבער ווערט ביס-לעכוויז שוואַכער און שוואַכער.

subpet'iolate *a.* (סאַב-פּעט'-אי-אָ-לייט) אין באָטאַניק — מיט אַ זעהר קור-צען בלאַט-שטענגעל.

subpœ'na *n. and v.* (סאַב-פּי'-נאַ) אַ פֿאַרלאַדונג פֿאַר'ן געריכט; אַ שריפֿטליכע אויפֿפֿאָדערונג צו ערשיינען אין געריכט אָדער צו אַן אָפֿיציעלען אונטערזוכונגס-קאָמיטעט צו אַ בעשטימטער צייט; אי-בערגעבען אַ שריפֿטליכע אויפֿפֿאָדערונג צו ערשיינען פֿאַר'ן געריכט אָדער פֿאַר אַן אָפֿיציעלען אונטערזוכונגס-קאָמיטעט.

subpo'lar *a.* (סאַב-פּאָו'-לאַר) אונטער דעם זיד אָדער נאָרד-פּאָל פֿון דער ערד; נאָהענט צום פּאָל.

sub'prefect *n.* (סאַב'-פּרי-פֿעקט) אַן אונטער-פּרעפֿעקט, אַ געהילף פֿון אַ פּרע-פֿעקט. ז. ***prefect***.

sub'principal *n.* (סאַב'-פּרינ-סי-פּעל) אַן אונטער-דירעקטאָר [אין אַ שול].

sub'prior *n.* (סאַב'-פּראַי-אָר) אַן אונ-טער-פּריאָר, אַ געהילף פֿון אַ פּריאָר [אויפֿזעהער פֿון אַ מאָנאַסטיר].

sub'purchaser *n.* (סאַב'-פּויר-טשע-סער) אַ קויפֿער פֿון צווייטער האַנד, אַ קויפֿער וואָס קויפֿט ביי אַן אַנדער קויפֿער.

subquad'rate *a.* (סאַב-קוואָד'-רייט) כמעט קוואַדראַטיש, כמעט פֿיער-עקיג.

subquad'ruple *a.* (סאַב-קוואָד'-רופּל) וואָס ענטהאַלט אַ פֿיערטעל פֿון עפּעס; אין דער פּראָפּאָרציאָן פֿון 1 צו 4.

subquin'tuple *a.* (סאַב-קווינ'-טיופּל) וואָס ענטהאַלט אַ פֿינפֿטעל פֿון עפּעס; אין דער פּראָפּאָרציאָן פֿון 1 צו 5.

subra'mose *a.* (סאַב-ריי'-מאָוס) אין באָטאַניק — עטוואָס פֿערצווייגט; וואָס האָט אַ ביסעל צווייגלעך.

subra'mous *a.* (סאַב-ריי'-מאַס) ז. ***subramose***.

sub'rector *n.* (סאַב'-רעק-טאָר) אַ סוב-רעקטאָר, אַ געהילף פֿון אַ רעקטאָר אין אַ שול אָדער אוניווערזיטעט.

subrig'id *a.* (סאַב-רידזש'-איד) עטוואָס האַרט אָדער שטייף.

subri'sion *n.* (סאַב-ריזש'-אַן) דאָס שמייכלען.

subri'sive *a.* (סאַב-ראַי'-סיוו) שמייכ-לענד.

sub'rogate *v.* (סאַב'-ראָ-גייט) אַוועק-שטעלען אויף דעם פּלאַץ פֿון אַן אַנדערען אָדער פֿון עפּעס אַנדערש; דאָס אַוועק-שטעלען אַנשטאָט אימעצען אָדער עפּעס.

subroga'tion *n.* (סאַב-ראָ-גיי'-שאַן) דאָס שטעלען אויף אימעצענס אָרט; דאָס אַוועקשטעלען אַנשטאָט אימעצען אָדער עפּעס.

sub ro'sa (סאַב ראָו'-זאַ) פּריוואַט, ניט עפֿענטליך.

subsaline' *a.* (סאַב-סע-לאַין') שוואַך געזאַלצען.

sub'salt *n.* (סאַב'-סאָהלט) אַ באַזישעס זאַלץ [אַ זאַלץ, וואו די זויערע איז ווע-ניגער ווי נאָרמאַל].

subsat'urated *a.* (סאַב-סעטש'-יו-ריי-טעד) ניט פֿאָלשטענדיג אָנגעזאַפּט.

subsatura'tion *n.* (סאַב-סעטש-יו-ריי'-שאַן) אַ ניט פֿאָלשטענדיגע אָנזאַפּונג.

subscap'ular *a. and n.* (סאַב-סקעפּ'-יו-לאַר) וואָס געפינט זיך אונטער דעם אַקסעל-ביין; אַ נערוו, אַן אָדער אָדער מוסקול וואָס געפינט זיך אונטער דעם אַקסעל-ביין.

subscap'ulary *a.* (סאַב-סקעפּ'-יו-לע-רי) וואָס געפינט זיך אונטער'ן אַקסעל-ביין.

subscri'bable *a.* (סאַב-סקראַי'-בעבל) וואָס מען קען זיך אונטער דעם אונטער-שרייבען אָדער זיך התמנ'ען; וואָס מען קען זיך דאַרויף אַבאָנירען.

subscribe' *v.* (סאַב-סקראַיב') 1. זיך אונטערשרייבען, זיך התמנ'ען; 2. צושטי-מען, געבען אַ צושטימונג; 3. אַרויפֿשטע-

לען דעם נאמען אויף א סובסקריפציאנס־ליסטע, זיך פערפליכטען עפּעס בייצושטייערען;ביישטייערען; 4. זיך אבאנירען, זיך פערפליכטען צו נעהמען [פּעריאָדישע אויסגאבען, ביכער אין א לייה־ביבליאָטעק, אקציעס א. ז. וו.].

2. We can all subscribe to your good advice. 3. Let us each subscribe to the relief fund. 4. The firm subscribed for a large portion of the stock issue.

subscri'ber *n.* (סאַב־סקראַי'־בער) 1. אַן אונטערצייכנער, אַן אונטערשרייבער; 2. אַן אַבאָנענט; 3. אַ ביישטייערער אויף אַ ליסטע [פון נדבות], אַ ביישטייערער.

2. He is one of the oldest subscribers of the weekly edition of the paper. 3. Mr. Brown was the largest subscriber to the hospital fund.

sub'script *a. and n.* (סאַב'־סקריפּט) נעשריבען פון אונטען [ווי למשל, דער גריכישער בוכשטאַב *ɩ* וואָס ווערט געשריבען אונטער אַן אַנדער בוכשטאַב]; עטוואָס וואָס איז געשריבען אונטען.

subscrip'tion *n.* (סאַב־סקריפּ'־שאַן) אַן אונטערשריפט; דאָס אַבאָנעמענט [די פערפליכטונג צו נעהמען אַ צייטונג, אַ בוך א. ז. וו.]; אַ סובסקריפּציאָנס־סומע, אַ פערשפּראָכענע ביישטייערונג; אַ פערפליכטונג.

subscrip'tive *a.* (סאַב־סקריפּ'־טיוו) וואָס איז שייך צו אַן אונטערשריפט.

sub'section *n.* (סאַב'־סעק־שאַן) אַן אונטער־אַבטיילונג [אַ טייל פון אַן אַבטיילונג].

subsec'utive *a.* (סאַב־סעק'־יו־טיוו) פאָלגענד, נאָכפאָלגענד [אין רייה, אין אָרדנונג].

subsel'lium *n.* (סאַב־סעל'־אי־אַם) אַ מין הייגנענדער שטוהל [אין די פּאַרצייטיגע קירכען]. ז. *miserere*

subsen'sible *a.* (סאַב־סענ'־סיבל) וואָס איז צו טיעף פאַר די עמפּפינדונגען; וואָס איז צו טיעף מען זאָל עס קענען בענעהמען מיט די חושים.

subsep'tuple *a.* (סאַב־סעפּ'־טיופּל) וואָס ענטהאַלט אַ זיבענט־חלק, וואָס איז אַ זיבענטעל.

sub'sequence *n.* (סאַב'־סי־קהוועגס) נאָכפאָלגונג; דאָס נאָכפאָלגען; אַ נאָכפאָלגע.

sub'sequency *n.* (סאַב'־סי־קהוועג־סי) ז. *subsequence*

sub'sequent *a.* (סאַב'־סי־קהוועגט) פאָלגענד, נאָכפאָלגענד; שפּעטערדיג; וואָס קומט אַלס פאָלגע אָדער אַלס פּועל יוצא.

sub'sequently *adv.* (סאַב'־סי־קהוועגט־לי) פאָלגענדיג; נאָכהער, שפּעטער.

subse'rous *a.* (סאַב־סי'־ראָס) אַ בייסעל וואַסערדיג; וואָס געפינט זיך אונטער אַ סערום־הייטעל [ז. *serum*].

subserve' *v.* (סאַב־סורוו') דיענען [אין אַן אונטערגעאָרדענטער שטעלונג]; זיין בעהילפליך; ווירקען פאַר עפּעס, ניצליך זיין פאַר עפּעס.

subser'vience *n.* (סאַב־סויר'־ווי־ענס) ניצליכקייט, דיענליכקייט, בעהילפליכקייט, מיטווירקונג; דיענסטבאַרקייט, אונטערגעוואָרפענקייט.

subser'viency *n.* (סאַב־סויר'־ווי־ענ־סי) ז. *subservience*

subser'vient *a.* (סאַב־סויר'־ווי־ענט) דיענליך, בעהילפליך, ניצליך, מיטווירקענד; אונטערגעוואָרפען.

subser'viently *adv.* (סאַב־סויר'־ווי־ענט־לי) דיענליך, בעהילפליך, ניצליך; מיט אונטערוואָרפענהייט.

subsesquial'terate *a.* (סאַב־סעס־קהווי־על'־טער־אייט) וואָס איז אין דער בעציהונג פון 2:3 אָדער ⅔.

subsesquiter'tial *a.* (סאַב־סעס־קהווי־טויר'־שעל) וואָס איז אין דער בעציהונג פון 3:4 אָדער פון ¾.

subses'sile *a.* (סאַב־סעס'־איל) ניט גאַנץ דירעקט פערבונדען [וועגען קערפּער־טיילען אָדער פּלאַנצען־טיילען]. ז. *sessile*

subsex'tuple *a.* (סאַב־סעקס'־טיופּל) וואָס ענטהאַלט איין זעקסט־חלק, וואָס איז אין דער בעציהונג פון 1 צו 6.

subside' *v.* (סאַב־סאַיד') 1. זינקען; פאַלען; זיך אַבזעצען [אין אַ פליסיגקייט]; 2. זיך בערוהיגען, זיך איינשטילען, אויפהערען, נאָכלאָזען.

2. The storm subsided.

sub'sidence *n.* (סאַב'־סי־דענס) דאָס פאַלען, דאָס זינקען, דאָס אַבזעצען זיך; בערוהיגונג, איינשטילונג, אויפהערונג, נאָכלאָזונג.

sub'sidency *n.* (סאַב'־סי־דענ־סי) ז. *subsidence*

subsid'iarily *adv.* (סאַב־סיד'־אי־ע־רי־לי) מיטהעלפענדיג, בעהילפליך.

subsid'iary *a. and n.* (סאַב־סיד'־אי־ע־רי) 1. געהאַלטען אין רעזערוו; 2. מיטהעלפענד, בעהילפליך; 3. צוגעגעבען, זוייטיג, נעבענזעכליך; 4. וואָס איז שייך צו אַ סובסידיע [ז. *subsidy*]; 5. אַ מיטהעלפער, אַ ביישטייערער; 6. אַן אונטערגעאָרדנעטער טייל פון אַ מוזיקאַלישען ווערק.

1. The campaign halted for lack of subsidiary troops. 2. The ritual can only be subsidiary to the spirit of worship. 3. The Mississippi has many subsidiary streams.

subsid'iary quan'tity (סאַב־סיד'־אי־ע־רי קהוואַנ'־טי־טי) אין מאַטעמאַטיק — אַ זייטיגע צאָהל, וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אום צו העלפען דער לעזונג פון אַ פּראָבלעם.

subsid'iary stream (סאַב־סיד'־אי־ע־רי סטריעם) אַ נעבען־פלוס [אַ טייך וואָס פאַלט אַריין אין אַן אַנדער טייך].

subsid'iary sym'bol (סאַב־סיד'־אי־ע־רי סימ'־באַל) אין מאַטעמאַטיק — אַ זייטיגער סימבאָל אָדער צייכען וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אום צו העלפען דער לעזונג פון אַ פּראָבלעם.

subsid'iary trea'ty (סאַב־סיד'־אי־ע־רי טריע'־טי) אַ סובסידיע־אַבמאַך [אַן אַבמאַך צווישען צוויי רעגיערונגען, אַז איינע זאָל צאָהלען דער צווייטער אַ געוויסע סומע געלד אויף צו פיהרען מלחמה אָדער פאַר איהר נייטראַליטעט].

subsid'iary troops (סאַב־סיד'־אי־ע־רי טרוהפּס) הילפס־טרופּען [אַן אַרמעע וואָס איין רעגיערונג דינגט ביי אַ צווייטער].

sub'sidise *v.* (סאַב'־סי־דאַיז) ז. *subsidize*

sub'sidize *v.* (סאַב'־סי־דאַיז) סובסידירען, געבען געלד־שטיצע; קויפען איינעמס הילף פאַר געלד; אונטערקויפען.

sub'sidy *n.* (סאַב'־סי־די) אַ סובסידיע [געלד־שטיצע; אַ סומע געלד וואָס איין רעגיערונג צאָהלט אַ צווייטער פאַר איהר נייטראַליטעט אָדער אַלס ביישטייערונג פאַר מלחמה־אויסגאַבען; געלד־שטיצע פון אַ רעגיערונג פאַר פּריוואַט־אונטערנעהמער, ווי אייזענבאַהן־געזעלשאַפטען, שיפס־געזעלשאַפטען א. ז. וו.].

subsist' *v.* (סאַב־סיסט') עקזיסטירען; לעבען; זיך ערנעהרען; ערנעהרען, בעזאָרגען מיט חיונה; בעשטעהן פון...

subsis'tence *n.* (סאַב־סיס'־טענס) עקזיסטענץ; דאָס פאָרהאַנדען זיין; אייגענטימליכקייט; דאָס בעשטעהן פון..., בעשטאַנד; ערנעהרונג, לעבענסמיטעל, פּראָוויאַנט.

subsis'tence depart'ment (סאַב־סיס'־טענס די־פּאַרט'־מענט) דער פּראָוויאַנט־דעפּאַרטאַמענט [דער דעפּאַרטאַמענט פון דער מיליטער־פערוואַלטונג אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, וואָס פערזאָרגט די פּראָוויזיעס פאַר דער אַרמעע].

subsis'tence di'et (סאַב־סיס'־טענס דאַי'־עט) די קלענסטע מאָס שפּייז וואָס איז נויטיג פאַר'ן געזונד.

subsis'tence stores (סאַב־סיס'־טענס סטאָורז) מיליטער־פּראָוויאַנטען.

subsis'tency *n.* (סאַב־סיס'־טענ־סי) ז. *subsistence*

subsis'tent *a.* (סאַב־סיס'־טענט) עקזיסטירענד; פאָרהאַנדען; לעבענד; בעשטעהענד; אייגענטימליך.

subsisten'tial *a.* (סאַב־סיס־טענ'־שעל) וואָס איז שייך צו עקזיסטענץ; וואָס איז שייך צו דער אייגענטימליכקייט; וואָס איז שייך צו די געטליכע אייגענשאַפטען.

subsis'ter *n.* (סאַב־סיס'־טער) איינער וואָס לעבט אָדער ערנעהרט זיך; איינער וואָס לעבט פון פרעמדע חסדים.

sub'sizar *n.* (סאַב'־סאַי־זאַר) אַ סטודענט וואָס איז נידריגער אין שטעלונג ווי אַ סיזאַר. ז. *sizar*

sub'sizer *n.* (סאַב'־סאַי־זער) ז. *subsizar*

sub'soil *n. and v.* (סאַב'־סאָיל) דער אונטערגרונד, דער אונטער־באָדען; אויפאַקערען דעם אונטער־באָדען, טיעף אַקערען.

sub'soiler *n.* (סאַב'־סאָי־לער) איינער וואָס אַקערט טיעף אָדער אַקערט אויף דעם אונטער־באָדען; אַ פּלוג צום אַקערען זעהר טיעף.

subso'lar *a.* (סאַב־סאָו'־לאַר) וואָס געפינט זיך אונטער דער זון.

sub'species *n.* (סאַב'־ספּי־שיעז) אַן אונטער־גאַטונג [אַן אַבטיילונג פון אַ גאַטונג].

sub'sphere *n.* (סאַב'־ספיער) אַ ניט אין גאַנצען רונדער קערפּער.

subspher'ical *a.* (סאַב־ספער'־אי־קעל) ניט אין גאַנצען קוגעל־פערמיג.

sub'stance *n.* (סאַב'־סטענס) די סובסטאַנץ, דער עצם, דאָס אונבעוואוסטע "עפּעס", וואָס איז דער אונפערענדערליכער יסוד פון יעדער פערענדערליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית; אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע — דער געטליכער עצם, וואָס איז געמיינשאַפטליך אין אַלע דריי פערזאָנען פון דער הייליגער דריי־איינינקייט; דער עיקר, דער רעכטער אינהאַלט; דער הויפּט־געדאַנק פון אַ רעדע אָדער שריפט; דער יסוד; דער שטאָף, דער מאַטעריאַל פון עפּעס; איינער פון די כעמישע עלעמענטען, פון וועלכע אַלע קערפּער זיינען צוזאַמענגעשטעלט; רייכטום, פערמעגען, וואָהלהאַבענקייט.

sub'stanceless *a.* (סאַב'־סטענס־לעס) אָהן בעשטאַנד, אָהן דעם עיקר, אָהן אַן אינהאַלט.

substan'tial *a. and n.* (סאַב־סטענ'־שעל) סובסטאַנציעל, וועזענטליך; רעאַל, ווירקליך; ממשות'דיג; וואָס קומט פון דעם ערשטען אָריגינעלען שטאָף; עכט; שטאַרק, פעסט, סאָליד; וואָהלהאַבענד, פערמעגליך; היבש, פון אַ היבשער גרויס;

זעהר בעדייטענד, וויכטיג; דאָס סובּסטאַנציעלע, דאָס ווירקליכע, דאָס ממשות-דיגע; דאָס וואָס האָט אַ פּראַקטישען ווערטה; דער וויכטיגסטער טייל פון עפּעס.

substan'tial be'ing (סאַב-סטענ'-שעל בי'-אינג) אַ סובּסטאַנציעלעס וועזען, אַ זאַך וואָס עקזיסטירט אין זיך און אין קיין אנדער סובּסטאַנץ אויסער אין זיך [ווי אַן אינדיווידועלע פּערזאָן].

substan'tial form (סאַב-סטענ'-שעל פאָרם) אין פילאָזאָפיע — די סובּסטאַנציעלע פאָרם, די פאָרם אָדער די טבע, וועלכע גיט צו צו אַן אינדיווידועלער סובּסטאַנץ איהר ספּעציפישען כאַראַקטער [ווי די שכל'דיגע נשמה איז די סובּסטאַנציעלע פאָרם פון מענשען].

substan'tialism *n.* (סאַב-סטענ'-שעל-איזם) סובּסטאַנציאַליזם, די לעהרע, אַז הינטער די פענאָמענען [ערשיינונגען], וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, עקזיסטירען רעאַלע סובּסטאַנצען, וועלכע זיינען די יסודות פון די פענאָמענען [ערשיינונגען].

substan'tialist *n.* (סאַב-סטענ'-שעל-איסט) אַן אנהענגער פון סובּסטאַנציאַליזם. ז. *substantialism*.

substantial'ity *n.* (סאַב-סטענ-שי-על'-אי-טי) דאָס זיין סובּסטאַנציעל; די ווירקליכקייט, די קערפּערליכקייט: די פעסטקייט, די שטאַרקייט; ממשות.

substan'tialize *v.* (סאַב-סטענ'-שעל-איז) מאַכען סובּסטאַנציעל, זאַכליך אָדער וועזענטליך.

substan'tially *adv.* (סאַב-סטענ'-שעל-אי) אויף אַ סובּסטאַנציעלען שטייגער; מיט פעסטקייט, מיט ממשות, מיט שטאַרקייט.

substan'tial mea'ning (סאַב-סטענ'-שעל מיע'-נינג) די הויפּט-בעדייטונג, דער הויפּט-אינהאַלט.

substan'tialness *n.* (סאַב-סטענ'-שעל-נעס) דאָס זיין סובּסטאַנציעל. ז. *substantial*.

substan'tiate *v.* (סאַב-סטענ'-שי-אייט) בעפעסטיגען, מאַכען שטאַנדהאַפט אָדער דויערהאַפט: בעווייזען מיט זיכערע ראיות; מאַכען רעאַל אָדער ווירקליך.

substantia'tion *n.* (סאַב-סטענ-שי-איי'-שאַן) דאָס צוגעבען בעשטאַנד צו עפּעס; דאָס בעפעסטיגען עפּעס מיט זיכערע ראיות.

substanti'val *a.* (סאַב-סטענ-טאַי'-וועל) זעלבּסט-עקזיסטירענד, אומאָבּהענגיג; וואָס איז שייך צו אַ סובּסטאַנטיוו. ז. *substantive*.

sub'stantive *a. and n.* (סאַב'-סטענ-טיוו) סובּסטאַנטיוו, וואָס בעצייכענט דאָס זיין אָדער בעשטעהן פון עפּעס; טהאַטזעכליך בעשטעהענד; וועזענטליך; וואָס עקזיסטירט אַן-און-פיר-זיך; אומאָבּהענגיג פון עפּעס אנדערש; סובּסטאַנציעל, סאָליד, דויערהאַפט, רעאַל, פעסט; אין גראַמאַטיק — וואָס איז שייך צו אַ סובּסטאַנטיוו; דאָס סובּסטאַנטיוו, אַ זאַך-וואָרט, אַ הויפּט-וואָרט, דער נאָמען פון אַ זאַך.

sub'stantive col'ors (סאַב'-סטענ-טיוו קאָל'-ארז) בּיי פאַרבּען וואָל און אנדערע שטאָפען — די פאַרבּען, וועלכע שטעהען צו צו די שטאָפען אָהן דער הילף פון בּייץ-שטאָפען. ז. *mordant*.

sub'stantively *adv.* (סאַב'-סטענ-טיוו-לי) אין גראַמאַטיק — אַלס זאַך-וואָרט, אין דעם זין פון אַ סובּסטאַנטיוו [הויפּט-וואָרט אָדער זאַך-וואָרט]; אויף אַ טהאַטזעכליכען, וועזענטליכען אופן.

sub'stantivize *v.* (סאַב'-סטענ-טי-וואַיז) בּענוצען אַלס אַ סובּסטאַנטיוו [הויפּט-וואָרט אָדער זאַך-וואָרט].

sub'stitute *v., n. and a.* (סאַב'-סטי-טיוט) זעצען אַנשטאָט, געבען איין זאַך אַנשטאָט אַן אנדערער; אַ סובּסטיטוט, אַ שטעלפערטרעטער; איין זאַך וואָס פערטרעט אַן אנדערע; וואָס פערבּייט אַן אנדערען; וואָס איז געשטעלט געוואָרען אַנשטאָט אַן אנדערען.

substitu'tion *n.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַן) די סובּסטיטוציאָ, די שטעלפערטרעטונג; די שטעלונג פון איין זאַך אַנשטאָט אַן אנדערער.

substitu'tional *a.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַן-על) וואָס קען דיענען אַלס שטעלפערטרעטער; וואָס קען געשטעלט ווערען אויף'ן פּלאַץ פון אַן אנדערען אָדער פון עפּעס אנדערש.

substitu'tionally *adv.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַן-על-אי) דורך שטעלפערטרעטונג, דורך פערבּייטען מיט אַן אנדערען אָדער מיט עפּעס אנדערש.

substitu'tionary *a.* (סאַב-סטי-טיו'-שאַן-ע-רי) ז. *substitutional*.

sub'stitutive *a.* (סאַב'-סטי-טיו-טיוו) וואָס קען זיין אַנשטאָט אַן אנדערען; וואָס קען דיענען אַלס סובּסטיטוט אָדער שטעלפערטרעטער; וואָס קען פערבּייטען ווערען דורך אַן אנדערען אָדער דורך עפּעס אנדערש.

substract' *v.* (סאַב-סטרעקט') ז. *subtract*.

substrac'tion *n.* (סאַב-סטרעק'-שאַן) ז. *subtraction*.

sub'strate *n.* (סאַב'-סטרייט) די אונטערלאַגע, די גרונדלאַגע, עפּעס וואָס ליעגט אונטער אַן אנדער זאַך; אין פילאָזאָפיע — דאָס סובּסטראַט, דער יסוד, די סובּסטאַנץ, דער "עפּעס" פון אַ זאַך, וועלכער טראָגט איהרע אייגענשאַפטען.

substra'tum *n.* (סאַב-סטריי'-טאַם) ז. *substrate*.

substruc'tion *n.* (סאַב-סטראַק'-שאַן) אַן אונטער-געבוי, אַן אונטער-געבּיידע; אַ פונדאַמענט.

sub'structure *n.* (סאַב'-סטראַק-טשור) אַ גרונדלאַגע, אַ גרונד, אַ פונדאַמענט, אַן אונטער-געבוי.

sub'stylar *a.* (סאַב'-סטאַי-לאַר) וואָס איז שייך צו דער ליניע אויף דעם ציפערבּלאַט פון אַ זון-זייגער, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער ווייזער.

sub'style *n.* (סאַב'-סטאַיל) די ליניע אויף דעם ציפערבּלאַט פון אַ זון-זייגער, אויף וועלכער עס שטעהט דער ווייזער.

subsul'tus *n.* (סאַב-סאַל'-טאַס) דאָס צוקען [פון די מוסקעלען]; אַ קאָנוואולסיווע אָדער קראַמפּפהאַפטע בּעוועגונג.

subsume' *v.* (סאַב-סיום') סובּסומירען, אריינבּריינגען דאָס בּעזונדערע אין דאָס אַלגעמיינע; איינשליסען אַ פּרט אין אַ כלל; קלאַסיפיצירען עפּעס אונטער אַ בּעשטימטער קאַטעגאָריע.

subsump'tion *n.* (סאַב-סאַמפּ'-שאַן) סובּסומציאָ, דאָס איינשליסען אַ פּרט אין אַ כלל, דאָס בּעגרייפען אַ פּרט אַלס אַ פאַלגע פון אַ כלל; אין לאָגיק — דער צווייטער זאַץ פון אַ סילאָגיזם, וועלכער דריקט אויס אַ פּרט אין אַ כלל [ווי למשל:
1) "אַלע מענשען זיינען שטערבּליך",
2) "ראובן איז אַ מענש", פאָלגליך —
3) "ראובן איז שטערבּליך"].

sub'surface *a.* (סאַב'-סויר-פעס) וואָס איז אונטער דער אויבערפלעכע.

sub'tack *n.* (סאַב'-טעק) אין שאָטלאַנדישער געזעצגעבונג — אַן ארענדע-קאָנטראַקט אויף אַ הויז אָדער גוט, וואָס ווערט ארויסגעגעבען פון איינעם, וועלכער איז אַליין אַן ארענדאַר אויף דעם הויז אָדער גוט.

sub'tangent *n.* (סאַב'-טענ-דזשענט) אין אַנאַליטישער געאָמעטריע — אַ סובּטאַנגענטע [דער טייל פון דער אַבּסציסע וואָס ווערט אָבּגעשניטען צווישען דער טאַנגענטע און דער אָרדינאַטע פון אַ קרומער ליניע].

subtem'perate *a.* (סאַב-טעמ'-פּער-אייט) עטוואָס קעלטער איידער דער געוועהנליכער קלימאַט פון די מיטעלמעסיגע געגענדען אויף דער ערד.

sub'tenant *n.* (סאַב'-טענ-ענט) אַן אונטער-שכן, אַ שכן בּיי אַ שכן.

subtend' *v.* (סאַב-טענד') אין געאָמעטריע — אויסציהען פון אונטען אָדער אַנטקעגען [אַ ווינקעל].
This side of the triangle subtends the right angle.

subtense' *n.* (סאַב-טענס') אין געאָמעטריע — אַ ליניע וואָס ציהט זיך געגען אַ בויגען אָדער געגען אַ ווינקעל.

subtep'id *a.* (סאַב-טעפּ'-איד) לעבּליך, וואַרעמליך.

subterete' *a.* (סאַב-טי-ריט') עטוואָס רונד; עטוואָס צילינדער-פאָרמיג.

subter'fluent *a.* (סאַב-טויר'-פלו-ענט) אונטערפליסענד; וואָס פליסט פון אונטען.

subter'fluous *a.* (סאַב-טויר'-פלו-אַס) ז. *subterfluent*.

sub'terfuge *n.* (סאַב'-טער-פיודזש) די אויסמיידונג; די אויסוויכונג; דאָס ארויסמאַכען זיך מיט דריידלעך אָדער תירוצים.

subter'minal *a.* (סאַב-טויר'-מי-נעל) כמעט בּיים ענד; ניט אין גאַנצען בּיים ענד.

subternat'ural *a.* (סאַב-טער-נעטש'-יו-רעל) ז. *subnatural*.

subterposi'tion *n.* (סאַב-טער-פּאָ-זיש'-אַן) אין געאָלאָגיע — דער סדר ווי די ערד-שיכטען ליעגען איינע אונטער די אנדערע; דאָס ליעגען אונטער עפּעס.

sub'terrane *a.* (סאַב'-טע-ריין) ז. *subterranean*.

subterra'nean *a.* (סאַב-טע-ריי'-ני-ען) אונטערערדיש, פון אונטער דער ערד.

subtèrra'neous *a.* (סאַב-טע-ריי'-ני-אַס) ז. *subterranean*.

subterra'neously *adv.* (סאַב-טע-ריי'-ני-אַס-לי) אויף אַן אונטערערדישען שטייגער; אין געהיים; בּסוד.

subterrene' *a.* (סאַב-טע-ריין') ז. *subterranean*.

subterres'trial *a.* (סאַב-טע-רעס'-טרי-על) אונטערערדיש; וואָס לעבּט אונטער דער ערד.

sub'tile *a.* (סאַב'-טיל) סובּטיל, פיין, דין, לופט-אַרטיג, לייכט; ראַפינירט, פערפיינערט; שאַרף, שניידענד; דורכדרינגענד, דורכנעהמענד, דורך און דורך; געשיקט, פעהיג; קלוג, שאַרפזיניג; כיטרע.

sub'tilely *adv.* (סאַב'-טיל-לי) מיט פיינקייט אָדער צאַרטליכקייט; אויף אַ פיינער אַרט; אויף אַ שאַרפען, שניידענדען אָדער כיטרען שטייגער.

sub'tileness *n.* (סאב'-טיל-נעם) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט, צארטקייט; שארפקייט; ביטרעקייט.

subtilisa'tion *n.* (סאב-טי-לי-זיי'-שאן) ז. ***subtilization***

sub'tilise *v.* (סאב'-טי-לאיז) ז. ***subtilize***

sub'tilism *n.* (סאב'-טי-ליזם) דאס זיין סובטיל, דעליקאט, צארט, ערעל; דאס זיין ליסטיג, ביטרע.

subtil'ity *n.* (סאב-טיל'-אי-טי) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט, צארטקייט; א דינער אונטערשיידונגס־שטריך; א פיקאנטע זאך; חריפות; פלפול.

subtiliza'tion *n.* (סאב-טי-לי-זיי'-שאן) די פערפיינערונג, די דין־מאכונג; אין כעמיע — דאס פערוואנדלען אין דאמפף אדער פארע; דאס מאכען א דינע און שארפע אונטערשיידונג; פלפול, האר־שפאלטונג [אין א וכוח].

sub'tilize *v.* (סאב'-טי-לאיז) מאכען סובטיל, פערפיינערען, מאכען דין; מאכען שיטער; זיך מפלפל זיין, ארויסווייזען חריפות, שפאלטען האר [אין א ויכוח].

sub'tilizer *n.* (סאב'-טי-לאי-זער) איינער וואס פערפיינערט, וואס מאכט דין: א חריף אין פלפולים, א האר־שפאלטער.

sub'tilty *n.* (סאב'-טיל-טי) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט: שיטערקייט: פערפלאנטערונג, פערוויקלונג [פון א פראגע]; ליסטיגקייט, ביטרעקייט; חריפות, פלפול; געשיקטקייט, קענטשאפט פון עפעס.

sub'title *n.* (סאב'-טאיטל) דער נעבען־טיטעל, דער צווייטער נאמען פון א בוך, וועלכער שטעהט נעבען ערשטען נאמען [ווי למשל: "הנאהבים והנעימים אדער דער שווארצער יונגערמאנטשיק"]: דער נאמען פון א בוך וואס ווערט איבערגעדרוקט אויף'ן צווייטען בלאט נאך'ן שער־בלאט.

sub'tle *a.* (סאטל) 1. פיין, פערפיינערט, דין; 2. געשיקט [אין א מלאכה אדער קונסט]: 3. שארף, חריפות'דיג [אין געדאנק]: פלפול'דיג, מיט האר־שפאלטונג; 4. ליסטיג, ביטרע.

2. The work of the mediator requires **subtle** abilities. 3. He proved himself very **subtle** in the discussion. 4. He is too **subtle** to command the respect of his adversary.

sub'tleness *n.* (סאט'ל-נעם) פיינקייט, דינקייט; חריפות, שארפקייט [אין געדאנק]; געשיקטקייט [אין א מלאכה]; ליסטינקייט, ביטרעקייט.

sub'tlety *n.* (סאט'ל-טי) פיינקייט, דינקייט; שארפקייט פון געדאנק, חריפות; פערוויקלונג, פערפלאנטערונג פון א פראגע, פלפול, האר־שפאלטונג; ליסטיגקייט, ביטרעקייט.

sub'tle-wit'ted *a.* (סאט'ל-הוויט'-עד) ביטרע־קלוג, שארפזיניג.

sub'tly *adv.* (סאט'-לי) אויף א פיינעם, דינעם שטייגער; אויף א געשיקטען אופן; מיט ליסטיגקייט, מיט ביטרעקייט.

subtract' *v.* (סאב-טרעקט') ארונטערנעהמען [א טייל פון א גאנצען]; ארабנעהמען, אבציהען, ארארברעכנען.

subtrac'ter *n.* (סאב-טרעק'-טער) אן ארабציהער; איינער וואס רעכענט אראב פון א צאהל; אין אריפמעטיק — דער סובטראהענד, די צאהל וואס ווערט ארונטערגענומען פון אן אנדער צאהל אין חיסור.

subtrac'tion *n.* (סאב-טרעק'-שאן) די אראברעכנונג, די אראבנעהמונג [פון א צאהל]; חיסור [אין רעכנונג].

subtrac'tive *a.* (סאב-פרעק'-טיוו) אראבציהענד; וואס נעהמט ארונטער פון א צאהל; אין מאטעמאטיק — וואס שטעהט מיט א מינוס־צייכען [—].

sub'trahend *n.* (סאב'-טרע-הענד) אין מאטעמאטיק — דער סובטראהענד, די צאהל וועלכע ווערט אראבגענומען פון אן אנדער צאהל [אין חיסור].

subtranslu'cent *a.* (סאב-טרענס-ליו'-סענט) א ביסעל דורכזיכטיג, ניט גאנץ דורכזיכטיג.

subtranspar'ent *a.* (סאב-טרענס-פעהר'-ענט) עטוואס דורכזיכטיג, ניט גאנץ דורכזיכטיג.

subtreas'ury *n.* (סאב-טרעזש'-או-רי) די אונטער־שאצקאמער, אן אבטיילונג פון דער קאזנאטשייסטווע פון די פעראייניגטע שטאאטען.

subtrian'gular *a.* (סאב-טראי-ענ'-גיו-לאר) עטוואס דריי־עקיג; א דריי־קאנטיגע פיגור, ביי וועלכער די זייטען זיינען ניט גלייך אדער די ווינקלען זיינען פעררונדעט.

subtri'fid *a.* (סאב-טראי'-פיד) עטוואס דריי־שפאלטיג [וועגען פלאנצען].

subtrihe'dral *a.* (סאב-טראי-הי'-דרעל) עטוואס עהנליך צו א דריי־זייטיגער פיראמידע [ווי דאס קריינדעל פון א צאהן].

subtrip'le *a.* (סאב-טריפ'ל) וואס ענטהאלט א דריטעל פון א צאהל [ווי למשל 3 פון 9].

subtrip'licate *a.* (סאב-טריפ'-לי-קייט) אין מאטעמאטיק — אין דער פערהעלטניס אדער פראפארציאן פון קוביק־ווארצלען.

subtrip'licate ra'tio (סאב-טריפ'-לי-קייט ריי'-שיאו) די פערהעלטניס פון די קוביק־ווארצלען [ווי $\sqrt[3]{a} : \sqrt[3]{b}$].

subtrop'ic *a. and n.* (סאב-טראפ'-איק) אונטער־טראפיש, כמעט טראפיש [וועגען א קלימאט פון א געגענד וואס איז צווישען א הייסען און מיטעלמעסיגען קלימאט]; א געגענד וואס ליעגט ביי די טראפיקען. ז. ***tropic***

subtrop'ical *a.* (סאב-טראפ'-אי-קעל) אונטער־טראפיש, כמעט טראפיש. ז. ***subtropic***

sub'tutor *n.* (סאב'-טיו-טאר) אן אונטער־לעהרער; א בעהעלפער ביי א מלמד.

sub'type *n.* (סאב'-טאיפ) אין ביאלאגיע — אן אונטער־טיפ; א בעזונדערער טיפ וואס איז איינגעשלאסען אין א מעהר אלגעמיינעם טיפ.

subtyp'ical *a.* (סאב-טיפ'-אי-קעל) עטוואס טיפיש, כמעט טיפיש.

su'bulate *a.* (סיו'-ביו-לייט) ווי אן אהל, ווי א שוסטער־נאדעל, אהל־פערמיג.

su'bulated *a.* (סיו'-ביו-ליי-טעד) ז. ***subulate***

su'buliform *a.* (סיו'-ביו-לי-פארם) אהל־פערמיג; ווי אן אהל.

subun'gual *a.* (סאב-אנ'-גהוועל) וואס געפינט זיך אונטער'ן נאגעל [ביי חיות]: וואס נעפינט זיך אונטער דער קאפיטע.

sub'urb *n.* (סאב'-אורב) א פארשטאדט, אן ארומיגעס ארט, א געגענד ארום א שטאדט.

subur'ban *a. and n.* (סאב-אור'-בען) וואס ליעגט ביי דער שטאדט; וואס געפינט זיך אין דער פארשטאדט; אן איינוואהנער פון א פארשטאדט.

sub'urbed *a.* (סאב'-אורבד) מיט א פארשטאדט.

subvari'ety *n.* (סאב-ווע-ראי'-ע-טי) אין באטאניק און זאאלאגיע — אן אונטער־וואריעטעט. ז. ***variety***

subvene' *v.* (סאב-ווין') ארייןקומען, אונטערקומען [מיט דעם צוועק צו העלפען אדער צו פערהיטען פון א געפאהר].

subven'tion *n. and v.* (סאב-וועג'-שאן) דאס אונטערקומען, דאס קומען צו הילף; הילף, שטיצע; העלפען, געבען הילף.

subventi'tious *a.* (סאב-וועג-טיש'-אס) בעהילפיג, אונטערשטיצענד.

subver'miform *a.* (סאב-וואיר'-מי-פארם) עטוואס עהנליך צו א ווארים.

subver'sion *n.* (סאב-וואיר'-שאן) צושטערונג, אומשטירצונג, איבערקעהרונג; די אורזאכע פון אן איבערקעהרונג אדער פערניכטונג.

subver'sionary *a.* (סאב-וואיר'-שאנ-ע-רי) ז. ***subversive***

subver'sive *a.* (סאב-וואיר'-סיוו) צושטערענד, אומשטירצענד, איבערקעהרענד.

subvert' *v.* (סאב-וואירט') צושטערען, אומשטירצען, איבערקעהרען.

subver'ter *n.* (סאב-וואיר'-טער) א צושטערער; אן אומשטירצער.

subver'tible *a.* (סאב-וואיר'-טיבל) וואס קען אומגעשטירצט אדער צושטערט ווערען.

sub'way *n.* (סאב'-הוויי) אן אונטער־וועג, א וועג אונטער דער ערד; אן אונטער־באהן, אן אונטערערדישע אייזענבאהן.

sub'worker *n.* (סאב'-הוואיר-קער) א געהילף פון אן ארבייטער; אן אונטער־העלפער.

succade' *n.* (סאק-קייד') די סוקאדע, גרינע פרוכט אדער ציטראן געפרעגעלט אין צוקער אדער סיראפ.

succeda'neous *a.* (סאק-סי-דיי'-ני-אס) וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש; וואס דיענט אלס שטעלפערטרעטער.

succeda'neum *n.* (סאק-סי-דיי'-ני-אם) איינער וואס פערנעהמט דעם אנדערענס פלאץ, א שטעלפערטרעטער; עטוואס וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדער זאך; אין מעדיצין — א רפואה וואס ווערט געגעבען אנשטאט אן אנדער רפואה.

succeed' *v.* (סאק-סיעד') נאכפאלגען, נאכגעהן; קומען נאך; ערבען, ירש'ענען; גליקען, געלינגען, זיך איינגעבען; האבען ערפאלג.

succee'der *n.* (סאק-סיע'-דער) א נאכפאלגער; א יורש.

succee'ding *n.* (סאק-סיע'-דינג) דאס נאכפאלגען, דאס זיין דער נעכסטער.

succen'tor *n.* (סאק-סענ'-טאר) איינער וועלכער זינגט די אונטער־טענער אדער דעם באס־טייל אין א כאר; איינער וואס פערנעהמט די שטעלע פון רעגענט פון כאר אין א קירך.

success' *n.* (סאק-סעס') גליק, ערפאלג; אן ערפאלג, א פעולה; א גוטער רעזולטאט פון אן אונטערנעהמונג.

success'ful *a.* (סאק-סעס'-פול) ערפאלגרייך; גליקליך, געלונגען.

success'fully *adv.* (סאק-סעס'-פול-אי) מיט ערפאלג, אויף א געלונגענער ארט.

success'fulness *n.* (סאק-סעס'-פול-נעם) גליקליכקייט, געלונגענקייט; ערפאלג.

succes'sion *n.* (סאק-סעש'-אן) דאס פאלגען איינע נאך די אנדערע, דאס פאלגען אין דער רייה; די נאכפאלגונג; א גרופע אדער סעריע פון זאכען אדער ערשיינונגען וואס פאלגען איינע נאך די

אנדערע; א רייה; די נאכפאלגע אין אמט, בעזיץ, א. ד. ג.; דאס רעכט פון א נאכפאלגער; א רייה פון נאכפאלגער; יורשים; נאכקומענשאפט.

succes'sional *a.* (סאק-סעש'-אנ-על) וואס געהט נאך דער רייה, וואס געהט איינס נאך'ן אנדערען.

succes'sionally *adv.* (סאק-סעש'-אנ-על-אי) אין דער רייה, נאך דער רייהענפאלגע.

succes'sion du'ty (סאק-סעש'-אן דיו'-טי) ז. *succession tax*.

succes'sionist *n.* (סאק-סעש'-אנ-איסט) אן אנהענגער פון דער אפאסטאלישער נאכפאלגע. ז. *apostolic succession*.

succes'sion of crops (סאק-סעש'-אן אוו קראפס) וועקסעל-ווירטשאפט [דאס פערזייהען א פעלד יעדען יאהר מיט אנדערער תבואה].

succes'sion tax (סאק-סעש'-אן טעקס) א שטייער אויף אייגענטום וואס דארף געצאהלט ווערען פון יעדען איינעם צו וועמען דאס אייגענטום געהט איבער בירושה.

succes'sive *a.* (סאק-סעס'-איוו) פאלגענד, וואס קומט איינס נאך'ן אנדערען, וואס געהט כסדר איינס נאך'ן אנדערען.

succes'sively *adv.* (סאק-סעס'-איוו-לי) נאך דער רייה, נאכאנאנדער; איבערגעהענדיג בירושה פון איינעם צום אנדערען.

succes'siveness *n.* (סאק-סעס'-איוו-נעס) דער רייהענגאנג, דאס געהן אדער פאלגען איינס נאך'ן אנדערען.

success'less *a.* (סאק-סעס'-לעס) אומגליקליך; אהן ערפאלג; ניט געלונגען.

success'lessly *adv.* (סאק-סעס'-לעס-לי) אויף אן ערפאלגלאזען אדער אומגעלונגענעם שטייגער; אהן ערפאלג; אומגליקליך.

success'lessness *n.* (סאק-סעס'-לעס-נעס) ערפאלגלאזיגקייט, דאס זיין אהן ערפאלג; אומגעלונגענקייט.

succes'sor *n.* (סאק-סעס'-אר) א נאכפאלגער; א יורש.

succes'sorship *n.* (סאק-סעס'-אר-שיפ) נאכפאלגערשאפט.

succes'sory *a.* (סאק-סעס'-א-רי) פאלגענד, וואס קומט איינס נאך'ן אנדערען.

suc'ci *n.* (סאק'-סאי) זאפטען. ז. *succus*.

succid'uous *a.* (סאק-סיד'-יו-אס) וואנקענד, וואס האלט ביים אנידערפאלען.

succif'erous *a.* (סאק-סיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס זאפט.

suc'cin *n.* (סאק'-סין) ברושטיין, בורשטין, בערנשטיין.

suc'cinate *n.* (סאק'-סי-נייט) בערנשטיין-זויער-זאלץ [א כעמישע פערבינדונג פון ברושטיין].

suc'cinated *a.* (סאק'-סי-ניי-טעד) וואס ענטהאלט בערנשטיין-זויער-זאלץ.

succinct' *a.* (סאק-סינקט') קורץ, קורץ געפאסט; אויסגעדריקט אין ווייניג ווערטער; ארומגעגארטעלט, ארומגערינגעלט ווי מיט א רייף.

succinct'ly *adv.* (סאק-סינקט'-לי) אויף א קורץ-געפאסטען אופן, אין ווייניג ווערטער.

succinct'ness *n.* (סאק-סינקט'-נעס) קורצקייט [אין אויסדריקען], קורץ-געפאסטקייט.

succincto'rium *n.* (סאק-סינק-טאו'-רי-אם) אזא מאנטעל וואס דער פאפסט טראגט ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס.

succinc'tory *n.* (סאק-סינק'-טא-רי) ז. *succinctorium*.

succin'ic *a.* (סאק-סינ'-איק) וואס קומט אדער ווערט גענומען פון ברושטיין אדער בערנשטיין [וועגען כעמישע שטאפען און פערבינדונגען]; וואס ווערט געפונען אין ברושטיין [ווי אן אינזעקט].

succin'ic ac'id (סאק-סינ'-איק עס'-איד) בערנשטיין-זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון ברושטיין].

suc'cinite *n.* (סאק'-סי-נאיט) א מין געלבער גראנאט וואס האט דעם קאליר פון ברושטיין [בערנשטיין].

suc'cinous *a.* (סאק'-סי-נאס) וואס איז ענהליך צו ברושטיין [בערנשטיין].

succise' *a.* (סאק-סאיס') אין באטאניק — וואס איז ווי אבגעשניטען אדער ווי אבגעבראכען ביים ענד.

succiv'orous *a.* (סאק-סיוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט דעם זאפט פון פלאנצען [ווי אן אינזעקט].

suc'cor *v. and n.* (סאק'-אר) העלפען, קומען צו הילף; אונטערשטיצען; הילף, אונטערשטיצונג; א העלפער, אן ארויסהעלפער, אן אונטערשטיצער; א הילפסארמעע.

suc'corable *a.* (סאק'-אר-עבל) וואס קען אויסגעהאלפען ווערען.

suc'corer *n.* (סאק'-אר-ער) א העלפער, אן ארויסהעלפער, אן אונטערשטיצער.

suc'corless *a.* (סאק'-אר-לעס) הילפלאז, אהן הילף.

suc'cory *n.* (סאק'-א-רי) ציקאריע.

suc'cose *a.* (סאק'-אוס) זאפטיג.

suc'cotash *n.* (סאק'-א-טעש) א נעריכט פון טערקישע ווייץ [קוקורוזע] און בעבלעך.

suc'cub *n.* (סאק'-אב) ז. *succuba*.

suc'cuba *n.* (סאק'-יו-בא) א פאבעלהאפטער שד אין דער געשטאלט פון א פרויענצימער, וואס ערשיינט צו מענער אין שלאף און האט מיט זיי געשלעכטליכע בעציהונגען [ווי ביי אידען ווערט געגלויבט וועגען לילית].

suc'cubus *n.* (סאק'-יו-באס) א שד וועגען וועלכען עס ווערט געגלויבט, אז ער האט געשלעכטליכע בעציהונגען מיט מענשען ווען זיי שלאפען.

suc'culence *n.* (סאק'-יו-לענס) זאפטיגקייט.

suc'culency *n.* (סאק'-יו-לענ-סי) ז. *succulence*.

suc'culent *a.* (סאק'-יו-לענט) זאפטיג.

suc'culently *adv.* (סאק'-יו-לענט-לי) פול מיט זאפט, זאפטיג.

suc'culous *a.* (סאק'-יו-לאס) ז. *succulent*.

succumb' *v.* (סא-קאם') 1. פאלען אונטער דעם דרוק אדער איבערמאכט; 2. זיך אונטערגעבען, בעזיעגט ווערען; 3. שטארבען.

2. The army succumbed to the attack of the enemy.

succur'sal *a.* (סא-קור'-סעל) וואס דיענט אלס א נעבען-קירך.

suc'cus *n.* (סאק'-אס) דער זאפט פון קערפער; דער זאפט פון פלאנצען.

succuss' *v.* (סא-קאס') א פלעצליך טרייסעל אדער שאקעל טהאן.

succussa'tion *n.* (סאק-א-סיי'-שאן) טרייסלונג; שאקלונג.

succus'sion *n.* (סא-קאש'-אן) דאס טרייסלען, דאס שאקלען; א העפטיגער טרייסעל.

succus'sive *a.* (סא-קאס'-איוו) טרייסלענד, שאקלענד, ארויף און אראב.

such *a., adv. and pr.* (סאטש) אזעלכער, אזעלכע, אזעלכעס; אזא, אזוינער; די יעניגע; דערזעלבינער, דיעזעלבינע.

such and such (סאטש ענד סאטש) דער און דער, די און די, דאס און דאס; אזעלכער און אזעלכער, אזא און אזא.

such is life (סאטש איז לאיף) אזוי געהט עס אויף דער וועלט, אזוי איז שוין דאס לעבען.

suck *v. and n.* (סאק) זויגען; איינזויגען, אריינציהען אין זיך; דאס זויגען; די זויג-מילך, די מוטער-מילך; דאס איינזויגען, דאס איינציהען; א שלוק; א ציה [ווי ביים רויכערען]; שנאפס; א נאשעריי; א שווינדעל, א שפיצעל, אן אבנארעריי.

suck'er *n. and v.* (סאק'-ער) א זויגער, איינער אדער עטוואס וואס זויגט; א זויג-קינד; א זויג-טהיער; א יונג חזיר'על; דער ארגאן מיט וועלכען א לעבעדיגע בעשעפעניש זויגט; א טייל פון א מאשין אדער פון אן אפאראט וואס זויגט איין [ווי א זויג-רעהרע, דער קאלבען אין א זויג-פומפ א. ד. ג.]; אזא פיש וואס קען זיך צוזויגען צו עפעס מיט'ן מויל; אן ארויסשפראצונג אדער צווייגעלע וואס וואקסט ארויס פון דעם ווארצעל אדער ביים ווארצעל פון א פלאנצע; א פאראזיט, א בלוט-זויגער; אן אויסזויגער; א דומער יונג, א שוטה; אן איינוואהנער פון דעם שטאאט איללינאיז [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אבשניידען די ארויסשפראצונגען אדער די צווייגלעך וואס וואקסען ארויס פון די ווארצלען; בעזארגען מיט זויג-ארגאנען; לאזען ארויסוואקסען אדער ארויסשפראצען צווייגלעך פון די ווארצלען.

suck'er-fish *n.* (סאק'-ער-פיש) ז. *sucking-fish*.

suck'et *n.* (סאק'-עט) א קאנפעקט; א דעליקאטעס, א נאשעריי.

suck in (סאק אין) איינזויגען; בעטריגען, בעשווינדלען.

suck'-in *n.* (סאק'-אין) א שווינדעל, בעטרוג.

suck'ing *a. and n.* (סאק'-אינג) זויגענד, זויגענדיג; יונג און אונערפאהרען; דאס זויגען.

suck'ing-bot'tle *n.* (סאק'-אינג-באט'ל) א זויג-פלעשעל [פאר קינדער].

suck'ing-fish *n.* (סאק'-אינג-פיש) דער קאפ-זויגער [אזא פיש וואס זויגט זיך צו מיט'ן קאפ, בעזאנדערס צו שיפען, און האלט זיך ווי אנגעקלעפט]. ז. *remora*.

suck'ing-pump *n.* (סאק'-אינג-פאמפ) א זויג-פומפ.

suck'le *v.* (סאקל) זויגען, נעהרען מיט דער ברוסט.

suck'ler *n.* (סאק'-לער) א זויג-טהיער, א חיה וואס זויגט איהרע קינדער; א יונג חיה'לע וואס זויגט נאך; א זויג-קאלב.

suck'ling *n. and a.* (סאק'-לינג) א זויגלינג, א יונג חיה'לע וואס זויגט נאך; זויגענדיג; יונג און אונערפאהרען.

suck out (סאק אוט) אויסזויגען.

suck the mon'key (סאק טהי מאנ'-קי) זויגען וויין אדער בראנפען פון א פאס דורך א רעהרעל אדער א שטרוי; טרינקען שנאפס [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

suck up (סאק אפ) אריינזויגען, אריינציהען אין זיך.

su'crose *n.* (סיו'–קראוס) ראהר־צוקער.

suc'tion *n.* (סאק'–שאן) אייג־זויגונג; זויגונג.

suc'tion-pipe *n.* (סאק'–שאן–פאיפ) דער זויג־ראהר פון א זויג־פומפ [דער ראהר דורך וועלכען דאס וואסער ווערט ארויפגעצויגען].

suc'tion-pump *n.* (סאק'–שאן–פאמפ) א זויג־פומפ [א פומפ אין וועלכער דאס וואסער ווערט ארויפגעצויגען דורך דער זויג־ווירקונג פון דעם קאלבען, ווי די געוועהנליכע וואסער־פומפען].

suc'tion-valve *n.* (סאק'–שאן–וועלוו) א זויג־ווענטיל [דער ווענטיל אדער די קלאפפע אין דעם דעק פון צילינדער אונטער דעם קאלבען דורך וועלכען דאס וואסער ווערט אריינגעצויגען].

sucto'rial *a.* (סאק–טאו'–רי–על) וואס איז צוגעפאסט אדער אייגגעריכטעט צום זויגען; וואס האט א זויג־ארגאן; וואס לעבט פון זויגען.

sucto'rian *n.* (סאק–טאו'–רי–ען) א זויג־טהיער; דער רונד־מויל פיש [איינער פון די פיש וואס קענען זיך צוזויגען צו עטוואס מיט זיין מויל].

sucto'rious *a.* (סאק–טאו'–רי–אס) ז. ***suctorial***.

Sudanese' *a.* and *n.* (סוה–דע–ניעס') סודאניש, וואס איז שייך צו סודאן; פון סודאן [א געגענד אין אפריקא, וואס ליעגט אין דרום פון סאהארא]; אן איינוואהנער פון סודאן, די איינוואהנער אדער די נעגער פון סודאן.

suda'rium *n.* (סיו–דיי'–רי–אם) א טיכעל.

su'dary *n.* (סיו'–דע–רי) ז. ***sudarium***.

suda'tion *n.* (סיו–דיי'–שאן) דאס שוויצען; שוויצונג.

sudato'rium *n.* (סיו–דע–טאו'–רי–אם) א שוויץ־באד.

su'datory *a.* and *n.* (סיו'–דע–טא–רי) שוויצענד; וואס ברייננט ארויס שוויים; א שוויץ־מיטעל; א שוויץ־באד.

sud'den *a.* and *adv.* (סאדן) פלעצליך, פלוצלונג; אייליג, שנעל; אונערווארטעט.

sud'denly *adv.* (סאד'נ–לי) אויף א פלעצליכען אדער אונערווארטעטען אופן; מיט א מאל; באלד, שנעל.

sud'denness *n.* (סאד'נ–נעס) פלעצליכקייט.

su'dor *n.* (סיו'–דאר) שוויים.

su'doral *a.* (סיו'–דא–רעל) שווייסיג; וואס איז שייך צו שוויים.

sudorif'erous *a.* (סיו–דא–ריפ'–ע–ראס) וואס גיט ארויס אדער ברייננט ארויס שוויים.

sudorif'ic *a.* and *n.* (סיו–דא–ריפ'–איק) שוויים־טרייבענד, וואס ברייננט ארויס שוויים; א שוויץ־מיטעל, א מיטעל וואס ברייננט ארויס שוויים.

Su'dra *n.* (סוה'–דרא) די פיערטע און נידריגסטע קאסטע אין אינדיען [דאס פאלק אין אינדיען איז א מאל געווען אייננעטיילט אין פיער קאסטען אדער קלאסען]; א מיטגליעד פון דער פיערטער קאסטע.

suds *n.* (סאדז) זייף־וואסער, מוליענעס, זייף־לויג.

sue *v.* (סיו) געריכטליך פערקלאגען; זוכען אויסצוווירקען; זוכען צו איבערציינגען; זוכען גערעכטיגקייט; זוכען אימעצענס גונסטען; בעטען; זיך שדכנ'ען.

sue at law (סיו עט לאה) פערקלאגען אין געריכט.

sue for grace (סיו פאר גרייס) בעטען גנאד.

sue out (סיו אוט) אויסווירקען.

sue out liv'ery (סיו אוט ליוו'–ער–אי) זיך ערקלערען אלס פול־יעהריג.

su'er *n.* (סיו'–ער) א ביטע־שטעלער, א בעווערבער; איינער וואס שדכנ'ט זיך.

su'et *n.* (סיו'–עט) ניערען־פעטס, חלב.

su'ety *a.* (סיו'–עט–אי) פעטיג, חלב'דיג.

suf'fer *v.* (סאפ'–ער) לײדען; אויסשטעהן; לײדען שאדען, צרות, יסורים א. ד. ג.; לײדען א שטראף; געשטעלט ווערען צו טויט־שטראף; פערטראגען, דולדען; צולאזען, דערלאזען, ערלויבען.

suf'ferable *a.* (סאפ'–ער–עבל) וואס מען קען דולדען אדער דערלײדען; ערטרעגליך; צולעסיג; וואס קען צוגעלאזען ווערען.

suf'ferableness *n.* (סאפ'–ער–עבל–נעס) ערטרעגליכקייט; צולעסיגקייט.

suf'ferably *adv.* (סאפ'–ער–ע–בלי) צו דולדען, צום פערטראגען; אויף א צולעסיגען אופן.

suf'ferance *n.* (סאפ'–ער–ענס) דאס לײדען; דאס דולדען; דאס פערטראגען; דאס אויסשטעהן; לײד; דולדונג; דאס צולאזען, דאס ערלויבען.

suf'ferer *n.* (סאפ'–ער–ער) א לײדענדער; איינער וואס דולדעט אדער דערלאזט עפעס.

suf'fering *n.* and *a.* (סאפ'–ער–אינג) דאס לײדען; לײד; לײדענד.

suffice' *v.* (סא–פאיס') גענוג זיין, גענוגען; בעפריעדיגען.

suffi'ciency *n.* (סא–פיש'–ען–סי) גענוגקייט; טויגליכקייט, געשיקטקייט, פעהיגקייט.

suffi'cient *a.* and *n.* (סא–פיש'–ענט) גענוגענד, גענוג; טויגליך, געשיקט, פעהיג, נעאייגענט; צופריעדען; צופריעדענשטעלענד; גענוגקייט, גענוגזאמקייט.

superordina'tion *n.* (סוה-פער-אהר-די-ניי'-שאַן) בעשטימונג אויף א שטעלע בעת די שטעלע איז נאָך פערנומען און מען דארף נאָך ווארטען אויף א וואקאנס.

superorgan'ic *a.* (סוה-פער-אהר-גענ'-איק) סופּעראָרגאניש, העכער ווי ארגאניש [וועגען פּסיכישע אדער ספּיריטועלע ערשיינונגען, וועלכע ווערען בעטראכט אלס אונאבהענגיג פון ארגאניזם, אין וועלכען זיי קומען פאָר]; סאציאל, געזעלשאפטליך [בעטראכטענדיג די געזעלשאפט אלס א פיזיאלאגישען ארגאניזם, נאר פון א העכערען גראד].

su'perparasite *n.* (סוה'-פער-פער-ע-סאיט) א פּאראזיט פון א פּאראזיט, א פּאראזיט וואס ערנעהרט זיך פון אַן אנדער פּאראזיט. ז. *parasite*

su'perphosphate *n.* (סוה'-פער-פאס-פייט) סופּערפאספאט [א פאספאט אדער פאספאר-זויערע זאלץ וואס ענטהאלט די מעגליכסט גרעסטע צאהל פאספאר-זויערע].

superphys'ical *a.* (סוה-פער-פיז'-אי-

קעל) סופערפיזיש, וואס איז אונאבהענגיג אדער וואס קען ניט ערקלערט ווערען דורך די פיזישע גזעצען פון ארגאנישען לע־בען; גייסטיג, פסיכיש.

superpose' *v.* (סוה־פער־פאוז) ז. *superimpose*.

superposi'tion *n.* (סוה־פער־פא־זיש'־אן) ז. *superimposition*.

superpraise' *v.* (סוה־פער־פרייז') לוי־בען אהן א שיעור.

superpropor'tion *n.* (סוה־פער־פרא־פאור'־שאן) אן איבער־מאס, אן איבער־פראפארציאן, אן איבער־פערהעלטניס.

superpurga'tion *n.* (סוה־פער־פויר־גיי'־שאן) איבערמעסיגע אבפיהרונג אדער מאגען־רייניגונג.

superquadripar'tient *a.* (סוה־פער־קוואד־רי־פאר'־טיענט) וואס איז אין בע־ציהונג פון 9:5.

superquadriquin'tal *a.* (סוה־פער־קוואד־רי־קהווין'־טעל) ז. *superquadripartient*.

superre'gal *a.* (סוה־פער־ריע'־געל) מעהר ווי קעניגליך.

superroy'al pa'per (סוה־פער־ראי'־על פיי'־פער) א גרויסער פאפיער־פאר־מאט [22 אדער 23 צאל לאנג און 30 אדער 31 צאל ברייט].

su'persalt *n.* (סוה'־פער־סאהלט) איבער־זויערע זאלץ.

supersat'urate *v.* (סוה־פער־סעטש'־יו־רייט) איבערזעטיגען, צופיעל אנזאפען.

supersatura'tion *n.* (סוה־פער־סעטש־יו־ריי'־שאן) איבערזעטיגונג, צו שטארקע אנזאפונג.

superscribe' *v.* (סוה־פער־סקרייב') מאכען אן איבערשריפט אדער אויפשריפט; אנשרייבען אויף דער צווייטער זייט; אנ־שרייבען אן אדרעס, אדרעסירען.

su'perscript *n.* and *a.* (סוה'־פער־סקריפט) אן איבערשריפט, אן אויפשריפט, אן אדרעס; געשריבען איבער א שורה.

superscrip'tion *n.* (סוה־פער־סקריפ'־שאן) אן איבערשריפט, אן אויפשריפט; אן אדרעס; דאס מאכען אן איבערשריפט אדער אויפשריפט; אדרעסירונג.

supersede' *v.* (סוה־פער־סיעד') ארא־זעצען פון אמט; בעזייטיגען; אונגילטיג מאכען; סוספענדירען; אבשאפען; פער־נעהמען אימעצענס פלאץ; ארויסזעצען; אבשטעלען, אבהאלטען.

superse'deas *n.* (סוה־פער־סיע'־די־עס) א געריכטס־בעפעהל אבצולעגען די אויס־פיהרונג פון אן אורטייל; א בעפעהל עט־וואס אבצולעגען, אבצוהאלטען אדער צו סוספענדירען; אן אבלעג, אן אבלעגונג, א סוספענדירונג.

superse'dure *n.* (סוה־פער־סיע'־דזשור) אן אבלעגונג, א סוספענדירונג.

supersen'sible *a.* (סוה־פער־סען'־סיבל) וואס איז איבער דער השגה פון די חושים, וואס מען קען ניט פיהלען אדער משיג זיין מיט די חושים.

supersen'sibly *adv.* (סוה־פער־סען'־סי־בלי) זייענדיג איבער דער השגה פון די חושים, ניט קענענדיג געפיהלט ווערען מיט די חושים.

supersen'sitive *a.* (סוה־פער־סען'־סי־טיוו) איבערעמפפינדליך, איבערטריבען עמפפינדליך.

supersen'sitiveness *n.* (סוה־פער־סען'־סי־טיוו־נעס) איבערטריבענע עמפ־פינדליכקייט.

supersen'sual *a.* (סוה־פער־סען'־שיו־על) וואס איז איבער דער השגה פון די חושים, וואס מען קען מיט די חושים ניט משיג זיין.

supersen'suous *a.* (סוה־פער־סען'־שיו־אס) וואס מען קען ניט משיג זיין אדער פיהלען מיט די חושים; איבערטרי־בען עמפינדליך.

superser'viceable *a.* (סוה־פער־סויר'־ווי־סעבל) וואס טהוט מעהר ווי עס איז פערלאנגט.

superses'sion *n.* (סוה־פער־סעש'־אן) ז. *supersedure*.

supersti'tion *n.* (סוה־פער־סטיש'־אן) אבערגלויבען, דאס גלויבען אין נארישע זאכען; געצענדיענסט.

supersti'tious *a.* (סוה־פער־סטיש'־אס) אבערגלויבעריש.

supersti'tiously *adv.* (סוה־פער־סטיש'־אס־לי) מיט אבערגלויבען.

supersti'tiousness *n.* (סוה־פער־סטיש'־אס־נעס) אבערגלויביגקייט; דאס זיין אבערגלויבעריש.

superstra'tum *n.* (סוה־פער־סטריי'־טאם) אן ערד־שיכט וואס ליגענט איבער אן אנדערער. ז. *stratum*.

superstruct' *v.* (סוה־פער־סטראקט') אריבערבויען, בויען איבער עטוואס.

superstruc'tion *n.* (סוה־פער־סטראק'־שאן) אן איבערבויאונג; אן אויבערבוי.

superstruc'tural *a.* (סוה־פער־סטראק'־טשור־על) וואס איז שייך צו אן איבער־בוי אדער אויבערבוי.

su'perstructure *n.* (סוה'־פער־סטראק־טשור) אן אויבערבוי, אן איבערבוי [א געבויידע וואס שטעהט איבער אן אנדער אויפגעבויטער זאך]; עטוואס וואס איז געבויט אויף א פונדאמענט.

supersubstan'tial *a.* (סוה־פער־סאב־סטען'־שעל) וואס איז העכער איידער מא־טעריע אדער שטאף; וואס איז העכער איידער אירגענד וועלכע סובסטאנץ אדער וועזען.

supersub'tle *a.* (סוה־פער־סאט'ל) אי־בערגעשפיצט, צו קלוג, צו כיטרע; אי־בער פיין, איבערטריבען פיין.

supersub'tlety *n.* (סוה־פער־סאט'ל־טי) איבער־פיינקייט, איבערטריבענע פיינקייט.

supersul'phate *n.* (סוה־פער־סאל'־פייט) סופערזולפאט, דאפעלט שוועבעל־זויערע זאלץ.

supertellu'ric *a.* (סוה־פער־טע־לוה'־ריק) וואס געפינט זיך איבער דער אט־מאספערע פון דער ערד.

supertem'poral *a.* and *n.* (סוה־פער־טעמ'־פא־רעל) איבערצייטליך; וואס איז אונאבהענגיג פון דער צייט; אין אנאטא־מיע — וואס געפינט זיך העכער פון די שלייפען; דאס וואס איז אונאבהענגיג פון דער צייט.

superterrene' *a.* (סוה־פער־טע־ריען') וואס איז איבער דער ערד.

superterres'trial *a.* (סוה־פער־טע־רעס'־טרי־על) איבער־וועלטליך; איבער־ערדיש.

su'pertonic *n.* (סוה'־פער־טאנ־איק) אין מוזיק — די זעקונדע, דער צווייטער טאן אין דער סקאלע.

supertrag'ical *a.* (סוה־פער־טרעדזש'־אי־קעל) איבערטריבען טראגיש.

supertripar'tient *a.* (סוה־פער־טראי־פאר'־טי־ענט) אין דער פראפארציע פון 7 צו 4.

supervene' *v.* (סוה־פער־וויען') צוקו־מען אדער צוגעלעגט ווערען עקסטרא צו עטוואס; צוגעגעבען אדער צוגעזעצט ווע־רען.

superve'nient *a.* (סוה־פער־וויע'־ניענט) צוגעזעצט, צוגעגעבען, צוגעקומען, דערלעגט.

superven'tion *n.* (סוה־פער־ווען'־שאן) דאס צוזעצען אדער צוגעבען, דאס צולעגען.

supervi'sal *n.* (סוה־פער־וואי'־זעל) אויפזיכט, השגחה; דאס האבען די אויפ־זיכט איבער עפעס; דאס דורכקוקען אדער איבערזעהן.

supervise' *v.* (סוה־פער־וואיז') איבער־קוקען, איבערזעהן; האבען די אויפזיכט אויף עטוואס.

supervi'sion *n.* (סוה־פער־וויזש'־אן) די איבער־אויפזיכט.

supervi'sor *n.* (סוה־פער־וואי'־זאר) אן אויפזעהער, א משגיח.

supervi'sorship *n.* (סוה־פער־וואי'־זאר־שיפ) דאס אמט פון אן אויפזעהער.

supervi'sory *a.* (סוה־פער־וואי'־זא־רי) וואס איז שייך צו אויפזיכט; וואס האט די אויפזיכט.

su'pinate *v.* (סוה'־פי־נייט) אויסשטע־לען די האנד אזוי, אז די האנד־פלעכע [דלאניע] זאל אויסקומען ארויף.

supina'tion *n.* (סוה־פי־ניי'־שאן) דאס ליגען אויף'ן רוקען מיט'ן פנים ארויף; דאס אויסשטעלען די האנד אזוי, אז די האנד־פלעכע [דלאניע] זאל אויסקומען ארויף.

su'pinator *n.* (סוה'־פי־ניי־טאר) דער צוריקבויגונגס־מוסקול פון דער האנד [דער מוסקול וואס דיענט צום צוריקדרעהען די האנד־פלעכע אדער דלאניע].

supine' *a.* (סוה־פאין') וואס ליגענט אויף'ן רוקען; צוריקגעבויגען, צוריקגע־לעהנט; נאכלעסיג, פויל, אבגעלאזען.

su'pine *n.* (סוה'־פאין) אין לאטיינישער גראמאטיק — דאס סופינום [די ענדונגס־פארם *u* און *um* פון דעם לאטיינישען צייטווארט].

supine'ly *adv.* (סוה־פאין'־לי) פויל, נאכלעסיג, אבגעלאזען; אויף'ן רוקען, מיט דעם געזיכט ארויף.

supine'ness *n.* (סוה־פאין'־נעס) דאס ליגען אויף'ן רוקען; נאכלעסיגקייט, פויל־קייט, אבגעלאזענקייט.

sup'per *n.* (סאפ'־ער) וועטשערע, אווענד־ברויט, אווענד־עסען.

sup'per-board *n.* (סאפ'־ער־באורד) דער טיש אויף וועלכען מען עסט וועטשע־רע [אווענד־ברויט].

sup'perless *a.* (סאפ'־ער־לעס) אהן ווע־טשערע, אהן אווענד־ברויט.

sup'per-time *n.* (סאפ'־ער־טאים) די צייט ווען מען עסט וועטשערע [אווענד־ברויט]; אווענד.

supplant' *v.* (סא־פלענט') ארויסזעצען אדער פערדרענגען פון פלאץ.

supplanta'tion *n.* (סאפ־לען־טיי'־שאן) דאס ארויסזעצען אדער דאס פערדרענגען פון פלאץ.

supplan'ter *n.* (סא־פלענ'־טער) אן ארויסזעצער, א פערדרענגער.

sup'ple *a.* and *v.* (סאפל) בויגזאם; נאכגיעביג; מאכען בויגזאם; מאכען נאכ־גיעביג; ווערען ווייך, בויגזאם אדער נאכ־גיעביג.

sup'ple-jack *n.* (סאפ'ל־דזשעק) א שטארקער, בויגזאמער שפאציער־שטאק; א קלעטער־פלאנצע פון וועלכער עס ווע־רען געמאכט בויגזאמע שפאציער־שטעקענס.

sup'plement *n.* and *v.* (סאפ'־לי־מענט) א ביילאגע, א צוזאץ, א הוספה;

א צוגאב; אין געאמעטריע — די ערגענצונג אדער דער צוזאץ צו א ווינקעל, אז ער זאל ווערען 180 גראד; ערגענצען, צולעגען.

supplemen'tal *a.* (סאפ-לי-מענ'-טעל) וואס דיענט אלס צוזאץ, ביילאגע אדער ערגענצונג; ערגענצענד.

supplemen'tarily *adv.* (סאפ-לי-מענ'-טע-רי-לי) אלס צוזאץ; אלס צוגאב; אלס ביילאגע אדער ערגענצונג.

supplemen'tary *a.* (סאפ-לי-מענ'-טע-רי) ערגענצענד; וואס דיענט אלס צוזאץ, ביילאגע אדער ערגענצונג; וואס איז צוגעגעבען איבער דער נארמע; וואס איז צוגעגעבען עקסטרא; אין געאמעטריע — וואס ערגענצט אויף 180 גראד [וועגען א ווינקעל].

supplementa'tion *n.* (סאפ-לי-מענ-טיי'-שאן) דאס ערגענצען.

sup'pleness *n.* (סאפ'ל-נעס) בויגזאמקייט; נאכגיעביגקייט.

sup'pletive *a.* (סאפ'-לי-טיוו) ערגענצענד.

sup'pletory *a. and n.* (סאפ'-לי-טא-רי) ערגענצענד; אן ערגענצונג.

suppli'al *n.* (סא-פלאי'-על) אן ערגענצונג; אן ערזאץ; א בעפריעדיגונג פון בעדירפניסע.

sup'pliance *n.* (סאפ'-לי-ענס) דאס בעטען מיט הכנעה אדער אונטערטהעניגקייט; הכנעה, אונטערטהעניגקייט; דאס בעפריעדיגען א פערלאנג אדער א וואונש; א בעפריעדיגונג.

sup'pliancy *n.* (סאפ'-לי-ענ-סי) ז. ***suppliance***.

sup'pliant *a. and n.* (סאפ'-לי-ענט) אונטערטהעניג, הכנעה'דיג; בעטענד מיט הכנעה; א הכנעה'דיגער בעטער, איינער וואס בעט מיט הכנעה אדער אונטערטהעניגקייט.

sup'pliantly *adv.* (סאפ'-לי-ענט-לי) מיט הכנעה; בעטענדיג מיט הכנעה.

sup'pliantness *n.* (סאפ'-לי-ענט-נעס) דאס הכנעה'דיגע בעטען; דאס זיין הכנעה'דיג.

sup'plicant *n. and a.* (סאפ'-לי-קענט) א הכנעה'דיגער בעטער, איינער וואס בעט מיט הכנעה אדער אונטערטהעניגקייט; בעטענד מיט הכנעה.

sup'plicantly *adv.* (סאפ'-לי-קענט-לי) אויף א הכנעה'דיגען אדער דעמיטהיגען אופן; בעטענדיג מיט הכנעה.

sup'plicate *v.* (סאפ'-לי-קייט) בעטען; הכנעה'דיג בעטען.

sup'plicatingly *adv.* (סאפ'-לי-קיי-טינג-לי) אויף א בעטענדען אופן; בעטענדיג מיט הכנעה.

supplica'tion *n.* (סאפ-לי-קיי'-שאן) א געבעט; א ביטע.

sup'plicator *n.* (סאפ'-לי-קיי-טאר) א בעטער.

sup'plicatory *a.* (סאפ'-לי-קיי-טא-רי) בעטענד; בעטענד מיט הכנעה.

suppli'er *n.* (סא-פלאי'-ער) א בעזארגער, א פערזארגער, א פערשאפער.

supplies' *n.* (סא-פלאיז') אויסשטאטונגען; געברויכס-מיטעל; פארראט; פראוויאנט.

supply' *v. and n.* (סא-פלאי') פערזארגען, פערשאפען; אויספילען, ערגענצען; אויספילען א וואקאנץ, בעזארגען א לעדיג-געבליבענע שטעלע; פערשטארקען, פערפעסטיגען; פארראט, פראוויזיע אדער הילפס-מיטעל; דער אנבאט, דער פארראט סחורה וואס ווערט געבראכט אויף'ן האנדעלס-מארק צום פערקויף; א געלד-בעוויליגונג פון דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט פאר די אויסגאבען פון דער רעגיערונג; א פערזאן וואס פערנעהמט צייטווייליג דעם פלאץ פון אן אנדערען; א גייסטליכער וואס פערנעהמט צייטווייליג דעם פלאץ פון דעם פריסטער אין א געמיינדע.

supply'-roll'er *n.* (סא-פלאי'-ראול'-ער) די וואלצע אין א דרוק-מאשין, וועלכע שטעלט צו די דרוק-טינט צו די איבעריגע וואלצען.

supply'-train *n.* (סא-פלאי'-טריין) א צוג [פון אן אייזענבאהן], וואס שטעלט צו פראוויאנט פאר אן ארמעע.

support' *v. and n.* (סא-פאורט') שטיצען; אונטערשטיצען; אונטערשפארען; בעהילפיג זיין, העלפען; אונטערהאלטען; ערנעהרען, מפרנס זיין; שפיעלען אדער דורכפיהרען א ראלע אויף דער ביהנע; שפיעלען אויף דער ביהנע מיט אן אקטיאר אדער אקטריסע, וואס שפיעלט די ערשטע ראלע; אקאמפאנירען א מוזיקער; דאס שטיצען אדער אונטערשטיצען; שטיצע, הילף; אונטערשטיצונג; א שפארע, אן אונטערשפארונג; ערנעהרונג, נאהרונג; לעבענס-אונטערהאלט; אן ערנעהרער, א מפרנס; אן אקטיאר אדער אקטריסע וואס שפיעלט א קלענערע ראלע צוזאמען מיט דעם אקטיאר אדער אקטריסע וואס שפיעלט די הויפט-ראלע; אין מוזיק — א בעגלייטונג אדער אן אקאמפאנימענט.

support'able *a.* (סא-פאורט'-עבל) אונטערשטיצבאר, וואס קען אונטערשטיצט ווערען; ערטרעגליך, וואס מען קען אויסהאלטען.

support'ableness *n.* (סא-פאורט'-עבל-נעס) אונטערשטיצבארקייט; ערטרעגליכקייט.

support'ably *adv.* (סא-פאורט'-ע-בלי) צום אויסהאלטען, צו דערליידען, ערטרעגליך.

support' a char'acter (סא-פאורט' ע קער'-עק-טער) דורכפיהרען א ראלע אויף דער ביהנע.

support' arms (סא-פאורט' ארמז) אין מיליטער — טראגען די ביקס ווערטיקאל ביי דעם לינקען שולטער [פלייצע].

support'er *n.* (סא-פאורט'-ער) אן אונטערשטיצער, א שטיצער, א העלפער; א שפארע, אן אונטערשפארע; אן ערנעהרער, א מפרנס; עטוואס וואס שטיצט אדער שפארט אונטער; א וואפען-האלטער, א שילד-האלטער [א פיגור וואס האלט א שילד אדער הערב].

support'ing *a.* (סא-פאורט'-אינג) אונטערשטיצענד, שטיצענד.

support'less *a.* (סא-פאורט'-לעס) אהן אונטערשטיצונג.

support'ress *n.* (סא-פאורט'-רעס) אן אונטערשטיצערין, א שטיצערין.

supports' *n.* (סא-פאורטס') אין מיליטער — די צווייטע ארמעע-ליניע אין א מלחמה.

suppos'able *a.* (סא-פאוז'-עבל) וואס קען אנגענומען ווערען, וואס מען קען משער זיין; וואס מען קען פאראויסזעצען.

suppos'ably *adv.* (סא-פאוז'-ע-בלי) פאראויסצוזעצען, משער צו זיין, אנצונעהמען.

suppos'al *a.* (סא-פאוז'-על) אן אננאהמע, א פאראויסזעצונג, א השערה, א מיינונג.

suppose' *v. and n.* (סא-פאוז') אננעהמען, פאראויסזעצען, משער זיין; מאכען א השערה; מיינען, רעכנען, דענקען, גלויבען, זיך פארשטעלען; א מיינונג, א השערה, א פאראויסזעצונג.

supposed' *a.* (סא-פאוזד') פאראויסגעזעצט, געמיינט; אנגענומען [אלס ריכטיג].

suppos'edly *adv.* (סא-פאוז'-עד-לי) לויט השערה.

suppos'er *n.* (סא-פאוז'-ער) א פאראויסזעצער, איינער וואס מאכט א השערה; איינער וואס נעהמט אן אדער איז משער.

supposi'tion *n.* (סאפ-א-זיש'-אן) אן אנגאהמע, א השערה; א מיינונג.

supposi'tional *a.* (סאפ-א-זיש'-אנ-על) געבויט אויף א השערה אדער פאראויסזעצונג.

supposi'tionally *adv.* (סאפ-א-זיש'-אנ-על-אי) לויט השערה, לויט פאראויסזעצונג.

supposi'tionless *a.* (סאפ-א-זיש'-אנ-לעס) ניט אונטערווארפען צו וועלכע עס איז ספעציעלע בעדינגונגען.

suppositi'tious *a.* (סא-פאז-אי-טיש'-אס) ניט עכט, נאכגעמאכט, ניט ריכטיג, פאלש.

suppositi'tiously *adv.* (סא-פאז-אי-טיש'-אס-לי) אויף א נאכגעמאכטען אופן; ניט עכט, פאלש.

suppositi'tiousness *n.* (סא-פאז-אי-טיש'-אס-נעס) ניט-עכטקייט, ניט-ריכטיגקייט, פאלשקייט.

suppos'itive *a. and n.* (סא-פאז'-אי-טיוו) וואס ענטהאלט א השערה אדער פאראויסזעצונג; פאראויסגעזעצט, אנגענומען, געמיינט; א בינד-ווארט וואס דריקט אויס א תנאי אדער בעדינגונג [ווי דאס ווארט "אויב"].

suppos'itively *adv.* (סא-פאז'-אי-טיוו-לי) לויט פאראויסזעצונג, לויט השערה.

suppos'itory *n.* (סא-פאז'-אי-טא-רי) א צעפעל [א מעדיצין אין דער פארם פון א ליכטעל אדער שפונט וואס ווערט אריינגעשטעקט אין דער עפנונג פון הינטער-לייב, ווי פאר מערידען-ליידענדע א. ד. ג.].

suppress' *v.* (סא-פרעס') אונטערדריקען; איבערוועלטיגען; אבהאלטען, צוריקהאלטען; פערהינדערען.

suppressed' *a.* (סא-פרעסט') אונטערדריקט, צוריקגעהאלטען.

suppress'edly *adv.* (סא-פרעס'-עד-לי) אויף אן אונטערדריקטען אדער צוריקגעהאלטענעם שטייגער.

suppress'er *n.* (סא-פרעס'-ער) אן אונטערדריקער.

suppress'ible *a.* (סא-פרעס'-איבל) אונטערדריקבאר.

suppres'sion *n.* (סא-פרעש'-אן) אונטערדריקונג; צוריקהאלטונג.

suppres'sionist *n.* (סא-פרעש'-אנ-איסט) אן אנהענגער פון אונטערדריקונגען.

suppres'sio ve'ri (סא-פרעש'-יאו ווי'-ראי) די אונטערדריקונג פון אמת, די אונטערדריקונג פון פאקטען.

suppress'ive *a.* (סא-פרעס'-איוו) וואס איז געניינט צו אונטערדריקונג; אונטערדריקענד.

suppress'or *n.* (סא-פרעס'-אר) אן אונטערדריקער, א פערהאלטער.

sup'purate *v.* (סאפ'-יו-רייט) פלוסען, אייטערען, ארויסלאזען פלאגמע אדער פלוס.

suppura'tion *n.* (סאפ-יו-ריי'-שאן) אייטערונג; דאס פלוסען.

sup'purative *a. and n.* (סאפּ׳־יו־ריי־טיוו) אייטערענד, וואס אייטערט, וואס פלוסט; א מעדיצין וואס ברייננט ארויס אייטער אדער פלוס.

supracil'iary *a.* (סוה־פרא־סיל׳־אי־ע־רי) וואס געפינט זיך איבער די ברעמען.

supracos'tal *a.* (סוה־פרא־קאס׳־טעל) וואס ליעגט איבער די ריפּען.

supracreta'ceous *a.* (סוה־פרא־קרי־טיי׳־שיאס) אין געאלאגיע — וואס ליעגט איבער דער קרייד־שיכט פון דער ערד.

supradecompound' *a.* (סוה־פרא־די־קאמ־פאונד׳)- דרייפאך צוזאמענגעזעצט, וואס בעשטעהט פון דריי אדער מעהר טיילען [וועגען בלעטער פון פלאנצען].

suprador'sal *a.* (סוה־פרא־דאהר׳־סעל) וואס איז איבער אדער אויף דעם רוקען [פון אן ארגאניזם].

suprala'bial *a.* (סוה־פרא־ליי׳־בי־על) וואס איז שייך צו דער אויבערשטער ליפּ; וואס געפינט זיך אויף דער אויבערשטער ליפּ.

supralapsa'rian *a. and n.* (סוה־פרא־לעפּ־סיי׳־רי־ען) וואס איז שייך צו סופּראלאפּסאריאניזם; א סופּראלאפּסאריער, אן אנהענגער פון סופּראלאפּסאריאניזם. ז. ***supralapsarianism***

supralapsa'rianism *n.* (סוה־פרא־לעפּ־סיי׳־רי־ען־איזם) סופּראלאפּסאריאניזם [די בעהויפּטונג, אז נאך פאר דעם זינד־פאל פון אדם הראשון האט שוין גאט אין פארויס בעשטימט ווער עס וועט זוכה זיין צום אייביגען גן עדן און ווער עס וועט פערארורטיילט ווערען צום אייביגען גיהנום, אין געגענזאץ צו אינפראלאפּסאריאניזם. ז. ***infralapsarianism***].

supralu'nar *a.* (סוה־פרא־לוה׳־נאר) וואס איז איבער דער לבנה; זעהר הויך.

supramaxil'la *n.* (סוה־פרא־מעק־סיל׳־א) די אויבערשטע קינבאקען־ביינער.

supramax'illary *a. and n.* (סוה־פרא־מעק׳־סי־לע־רי) וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען קינבאק־ביין; דער אויבערשטער קינבאק־ביין.

supramun'dane *a.* (סוה־פרא־מאנ׳־דיין) איבערוועלטליך, איבערערדיש; וואס איז שייך צו דער גייסטיגער אדער רוחניות'דיגער וועלט.

suprana'sal *a.* (סוה־פרא־ניי׳־זעל) וואס איז איבער דער נאז.

supranat'ural *a. and n.* (סוה־פרא־נעטש׳־יו־רעל) ז. ***supernatural***

supranat'uralism *n.* (סוה־פרא־נעטש׳־יו־רעל־איזם) ז. ***supernaturalism***

supranat'uralist *a. and n.* (סוה־פרא־נעטש׳־יו־רעל־איסט) ז. ***supernaturalist***

supranaturalis'tic *a.* (סוה־פרא־נעטש־יו־רע־ליס׳־טיק) ז. ***supernaturalistic***

supraor'bital *a.* (סוה־פרא־אהר׳־בי־טעל) וואס געפינט זיך איבער די אויגען־לעכער; א נערוו אדער ארטעריע, וואס געפינט זיך איבער די אויגען־לעכער.

suprare'nal *a.* (סוה־פרא־רי׳־נעל) וואס געפינט זיך איבער די ניערען.

suprare'nal cap'sule (סוה־פרא־רי׳־נעל קעפּ׳־סיול) אזא קאפּסעל־פערמיגעס שטיקעל פלייש וואס איז ארום די ניערען. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

suprascap'ular *a.* (סוה־פרא־סקעפּ׳־יו־לאר) וואס געפינט זיך איבער דעם שולטער־בלאט [די לאפּעטקע פון דער פלייצע].

suprasen'sible *a.* (סוה־פרא־סענ׳־סיבל) ז. ***supersensuous***

supravi'sor *n.* (סוה־פרא־וואי׳־זאר) ז. ***supervisor***

suprem'acy *n.* (סוה־פרעמ׳־ע־סי) די העכסטע אויטאריטעט, די העכסטע געוואלט, די אויבערמאכט, די אויבער־הערשאפט.

supreme' *a. and n.* (סוה־פריעם׳) העכסט; אויבער, אויבערשט [אין ראנג, אין ווירדע, אין מאכט]; אין העכסטען גראד, אויף דער העכסטער מדרגה; דער העכסטער, דער שעף.

Supreme' Be'ing (***the***) (סוה־פריעם׳ בי׳־אינג) דאס אלערהעכסטע וועזען, דער אויבערשטער, גאט.

Supreme' Court (סוה־פריעם׳ קאורט) דאס אויבער־געריכט; דאס העכסטע געריכט פון לאנד אדער פון א שטאאט.

supreme' end (סוה־פריעם׳ ענד) דער לעצטער ציעל, דער ענדליכער ציעל.

supreme' good (סוה־פריעם׳ גוד) די העכסטע טוגענד.

supreme'ly *adv.* (סוה־פריעמ׳־לי) אין העכסטען גראד, אויף דער העכסטער מדרגה; העכסט, אם העכסטען.

supreme'ness *n.* (סוה־פריעמ׳־נעס) די העכסטקייט, דאס זיין דער העכסטער אדער דאס העכסטע.

supreme' pon'tiff (סוה־פריעם׳ פאנ׳־טיף) דער העכסטער בישאף פון רוים; דער פאפּסט.

suprem'ity *n.* (סוה־פרעמ׳־אי־טי) ז. ***supremeness***

su'ra *n.* (סוה׳־רא) סורא, א קאפּיטעל פון קאראן [די הייליגע שריפטען ביי די מאכמעדאנער]; אין אסט־אינדיען — די געאיהרטע זאפט פון געוויסע פאלמען.

su'rah *n.* (סיו׳־רא) א מין ווייכער זיי־דענער שטאף פאר פרויען־קליידער; א קאפּיטעל פון קאראן [ז. ***sura***].

su'rah silk (סיו׳־רא סילק) ז. ***surah***

su'ral *a.* (סיו׳־רעל) וואס געהערט צו דער איקרע פון פוס.

sur'ance *n.* (שוהר׳־ענס) ז. ***assurance***

sur'base *n.* (סויר׳־בייס) אין ארכיטעקטור — דער אויבערשטער געזימס אדער קארניז פון א פעדעסטאל [דער פונדאמענט פון א סטאטוע אדער זייל].

surbase' *v.* (סויר־בייס׳) איינדריקען, איינפרעסען; מאכען פלאך אדער פלאטשיג.

sur'based *a.* (סויר׳־בייסט) איינגעדריקט, איינגעפרעסט; געמאכט פלאך אדער פלאטשיג; מיט א געזימס אדער קארניז ארום דעם פעדעסטאל [דער פונדאמענט פון א סטאטוע אדער זייל].

surbased' arch (סויר־בייסט׳ ארטש) אן עליפּטישער בויגען. ז. ***elliptic arch***

sur'basement *n.* (סויר׳־בייס־מענט) דאס זיין איינגעדריקט אדער אבגעפלאכט [ווי אן עליפּטישער בויגען. ז. ***elliptic arch***]; דער אויבערשטער קארניז פון א פעדעסטאל [דער פונדאמענט פון א סטאטוע אדער זייל].

surbed' *v.* (סויר־בעד׳) זעצען א שטיין אויף'ן קאנט אדער ברעג [ניט אין דער לאגע ווי ער איז געלעגען אין שטיין־ברוך].

surcharge' *v. and n.* (סויר־טשארדזש׳) איבערלאדען, אנלעגען צופיל משא, איבערלעסטיגען; אין יוריספּרודענץ — בעווייזען, אז איינער האט נאך עפּעס צוצורעכנען צו דעם חשבון וואס ער האט אנגעגעבען, אז ער האט עפּעס דורכגעלאזען; רעכנען א צו־הויכען פרייז; אן איבערלאסט, א צו־שווערע משא; א צו־הויכער פרייז; א צורעכנונג צו איינעמס חשבון, ווען ער האט עפּעס דורכגעלאזען; אין פארצעליי־וואארען — א העלע עמאל־צייכנונג אויף א טונקעלען גרונד.

sur'cingle *n. and v.* (סויר׳־סינגל) א זאטעל־גארטעל; דער באנד ארום בויך פון א פערד, וואס בעפעסטיגט דעם זאטעל אדער די דעקע צום רוקען; א גארטעל פון א קלייד; ארומגארטלען מיט'ן זאטעל־גארטעל; צופעסטיגען עפּעס מיט א גארטעל.

sur'cle *n.* (סוירקל) אין באטאניק — א קליינע ארויסשפּראצונג; א קליין צווייגעל.

sur'coat *n.* (סויר׳־קאוט) אן אויבער־ראק.

surculig'erous *a.* (סויר־קיו־לידזש׳־ע־ראס) אין באטאניק — וואס לאזט ארויס א קליינעם שפּראצלינג אדער צווייגעל.

sur'culose *a.* (סויר׳־קיו־לאוס) אין באטאניק — וואס לאזט ארויס שפּראצלינגען.

sur'culous *a.* (סויר׳־קיו־לאס) ז. ***surculose***

surd *a., n. and v.* (סוירד) אין מאטעמאטיק — וואס קען ניט אויסגעדריקט ווערען אין א בעשטימטער צאהל; א קוואנטיטעט וואס קען ניט אויסגעדריקט ווערען אין א בעשטימטער צאהל; אין פאנעטיק — א קאנסאנאנט וואס ווערט אויסגעשפּראכען מיט'ן אטעם א:ן ניט מיט דער שטימע [ווי די בוכשטאבען "ט", "ק", אין געגענזאץ צו די קאנסאנאנטען "ד", "ג", וועלכע ווערען אויסגעשפּראכען מיט דער שטימע]; מאכען זאנפט אדער ווייך.

sur'dity *n.* (סויר׳־די־טי) דאס זיין ווייך אין אויסדרוק, דאס ניט האבען קיין קלאנג.

sure *a. and adv.* (שוהר) זיכער, געוויס; פאזיטיוו; אהן צווייפעל; זיכער אין עפּעס; צופערלעסיג; פערזיכערט, פעסט, שטאנדהאפט; זיכער פון געפאהר.

sure as a gun (שוהר עז ע גאן) פאלשטענדיג זיכער.

sure card (שוהר קארד) א זיכערע אויסזיכט אויף ערפאלג; א מאן וואס מען מעג זיך אויף איהם פערלאזען [אין גנב'ישען לשון].

sure enough' (שוהר אי־נאף׳) זיכער, געוויס, אהן צווייפעל.

sure'-enough' *a.* (שוהר׳־אי־נאף׳) ווירקליך, ריכטיג, עכט; ניט פערפעלשט.

sure'-foot'ed *a.* (שוהר׳־פוט׳־עד) זיכער אויף די פיס; מיט זיכערע טריט; וואס קען ניט געשטרויכעלט ווערען; טרויאונגס־ווערטה.

sure'-foot'edly *adv.* (שוהר׳־פוט׳־עד־לי) מיט זיכערע טריט; ניט וואקלענדיג זיך.

sure'-foot'edness *n.* (שוהר׳־פוט׳־עד־נעס) דאס שטעהן זיכער אויף די פיס; דאס זיין טרויאונגס־ווערטה.

sure'ly *adv.* (שוהר׳־לי) זיכער, געוויס; אהן ספק, אהן צווייפעל; זיכערליך, פעסט, שטאנדהאפט.

sure'ness *n.* (שוהר׳־נעס) דאס זיין זיכער; זיכערהייט, געוויסהייט; צופערלעסיגקייט.

sure'ty *n.* (שוהר'-טי) געוויסהייט, זיכערקייט; פערזיכערונג, ערבות; א פערזיכערונגס־געבער, אן ערב.

sure'tyship *n.* (שוהר'-טי-שיפ) דאס זיין אן ערב, די פערפליכטונג פון איינעם צו בעצאהלען די שולדען אדער צו זיין פעראנטווארטליך פאר דער אויפפיהרונג פון אן אנדערען.

surf *n.* (סוירף) דאס ווארפען פון די וועלען פון ים געגען ברעג אדער געגען פעלזען־שטיינער.

sur'face *n., a. and v.* (סויר'-פייס) אן אויבערפלעכע; די אויסענזייט פון עפעס; וואס איז שייך צו דער אויסענזייט; אויבערפלעכליך; ניט ערנסט; מאכען א גוטע אויסענזייט; מאכען גלאט.

sur'face-car *n.* (סויר'-פייס-קאר) א וואגאן פון א גאסען־אייזענבאהן.

sur'face-conden'ser *n.* (סויר'-פייס-קאנ-דענ'-סער) א קאנדענזאטאר פון א דאמפף־מאשין, וואו דער אויסגעארבייטעטער דאמפף ווערט אריינגעלאזען און ווערט קאנדענזירט [אבגעזעצט אלס וואסער] דורך זיין בעריהרונג מיט די מעטאל־פלעכען פון דעם קאנדענזאטאר, וועלכע ווערען געקיהלט פון קאלטען וואסער.

sur'faced *a.* (סויר'-פייסט) מיט א פאלירטער אויבערפלעכע; גלאט געמאכט; מיט זעהר א גלאטער אויבערפלעכע [וועגען גוטע זארטען פאפיער].

sur'face-plane *n.* (סויר'-פייס-פליין) א הובעל־מאשין.

sur'face-prin'ting *n.* (סויר'-פייס-פרינ'-טינג) דאס דרוקען פון א רעליעפער [בולט'ער] אויבערפלעכע, ווי פון געוועהנליכע שריפט [אין געגענזאץ צו דעם דרוקען פון קופערשטיך א. ד. ג.].

sur'facer *n.* (סויר'-פיי-סער) א מאשין צו מאכען גלאט די אויבערפלעכע פון האלץ; א הובעל־מאשין.

sur'face-wa'ter *n.* (סויר'-פייס-וואה'-טער) דאס גאסען־וואסער און גאסען־שמוץ וואס פליסט אראב אין רינשטאק.

sur'facing-machine' *n.* (סויר'-פיי-סינג-מע-שין') א מאשין גלאט צו מאכען און פאלירען די אויסענזייט פון מעטאלענע זאכען; א הובעל־מאשין גלאט צו מאכען האלץ־וואארען.

sur'facing-plane *n.* (סויר'-פיי-סינג-פליין) א הובעל צום אבהובלען גלאט אויבערפלעכען.

surf'-bird *n.* (סוירף-בוירד) אזא אמעריקאנישער פויגעל עהנליך צו דעם אייראפעאישען רעגען־פייפער [ז. **golden plover**]. געפינט זיך ביי די אמעריקאנישע ברעגען פון פאסיפישען אקעאן.

surf'-boat *n.* (סוירף-באוט) א שטארק־געבויטעס שיפעל וואס געהט דורך זיכער דורך די ווארפענדע וועלען פון ים.

surf'-duck *n.* (סוירף-דאק) א מין ים־ענטעל. ז. **scoter**

sur'feit *v. and n.* (סויר'-פיט) איבערזעטיגען, איבערקארמען; זיך איבערעסען; פיהלען א ניט־גוטקייט פון איבערעסען זיך; דאס איבערעסען זיך, דאס איבערזעטיגען דעם מאגען פון צופיעל עסען אדער טרינקען; דער איבעל, די ניט־גוטקייט פון איבערעסען זיך.

sur'feiter *n.* (סויר'-פיט-ער) א זולל וסובא, א פרעסער; איינער וואס עסט זיך איבער.

sur'feiting *n.* (סויר'-פיט-אינג) דאס איבערעסען זיך.

sur'feit-wa'ter *n.* (סויר'-פיט-וואה'-טער) א וואסער וואס דיענט אלס רפואה צו ניט־גוטקייט פון איבערעסען זיך.

surfi'cial *a.* (סויר-פיש'-על) אין געאלאגיע — אויבערערדיש, וואס בעלאנגט צו ארטער וואס געפינט זיך אויף דער אויבערפלעכע פון דער ערד [אין געגענזאץ צו אונטערערדיש].

surf'man *n.* (סוירף-מען) א מענש, וואס איז געלערענט דורכצופיהרען א שיפעל דורך ווארפענדע ים־וועלען; איינער וואס דיענט ביי דער ארגאניזאציאן וואס האט די אויפגאבע צו רעטען מענשען אויף'ן ים.

surf'-sco'ter *n.* (סוירף-סקאו'-טער) ז. **surf-duck**.

sur'fy *a.* (סויר'-פי) שוימיג, קאכענד [וועגען די ים־וועלען וואס שלאגען זיך אב אן ברעג אדער אן פעלזען].

surge *n. and v.* (סוירדזש) א וועלע, א כוואליע, אן אינד; דאס הויבען זיך פון כוואליעס אדער אינדען; ווארפען הויכע וועלען; זיך ווארפען [פון וועלען].

surge'ful *a.* (סוירדזש-פול) פול מיט ברויזענדע כוואליעס.

surge'less *a.* (סוירדזש-לעס) אהן וועלען, אהן כוואליעס, רוהיג [וועגען ים].

sur'gent *a.* (סויר'-דזשענט) ברויזענד, זיך הויבענד [וועגען כוואליעס].

sur'geon *n.* (סויר'-דזשאן) א וואונד־ארצט, א כירורג; דער שטאב־ארצט [אין מיליטער]; דער זעע־באדער [אזא פיש פון די הייסע לענדער. ז. **doctor-fish**].



Surgeon

sur'geon-au'rist *n.* (סויר'-דזשאן-אה'-ריסט) אן אטאלאגיסט, אן אויערען־דאקטאר.

sur'geoncy *n.* (סויר'-דזשאן-סי) דאס אמט אדער שטעלע פון א רעגימענטס־ארצט.

sur'geon-den'tist *n.* (סויר'-דזשאן-דענ'-טיסט) א צאהן־ארצט, א דענטיסט.

sur'geon-fish *n.* (סויר'-דזשאן-פיש) דער זעע־באדער. ז. **surgeon**

sur'geon-gen'eral *n.* (סויר'-דזשאן-דזשענ'-ע-רעל) א גענעראל־ארצט אין דער ארמעע אדער פלאטע.

sur'geonship *n.* (סויר'-דזשאן-שיפ) דאס אמט אדער שטעלע פון א וואונדען־ארצט אדער כירורג.

sur'gery *n.* (סויר'-דזשער-אי) כירורגיע, די קונסט צו מאכען אפעראציעס און היילען וואונדען.

sur'gical *a.* (סויר'-דזשי-קעל) כירורגיש, וואס איז שייך צו כירורגיע.

sur'gically *adv.* (סויר'-דזשי-קעל-אי) אויף א כירורגישען שטייגער; לויט די כללים פון כירורגיע.

sur'ging *n.* (סויר'-דזשינג) דאס הויבען זיך פון וועלען.

sur'gy *a.* (סויר'-דזשי) פול מיט זיך הויבענדע כוואליעס; כוואליעדיג, אינדיג, שטורמדיג [וועגען ים].

su'ricate *n.* (סוי-רי-קייט) די סוריקאטע, אזא דרום־אפריקאניש חיה'לע, וואס פערניכטעט מייז, ראצען א. ד. ג. עס איז עהנליך צו דעם צפון־אפריקאנישען איכנייטאן [ז. **ichneumon**].

sur'lily *adv.* (סויר'-לי-לי) מיט פערדרוס; אויף א בייזער, בייסיגער, פינסטערער ארט.

sur'liness *n.* (סויר'-לי-נעס) בייזקייט, זויערקייט; אנגעכמורעטקייט.

sur'ly *a.* (סויר'-לי) בייז, אנגעכמורעט, זויער; פינסטער; בייסיג; פרעך, חוצפה־דיג, העזה'דיג.

sur'ly-boots *n.* (סויר'-לי-בוהטס) א בייזער, אנגעכמורעטער מענש.

sur'ma *n.* (סוהר'-מא) סורמא, שווארצע שוועבעל־אנטימאניזום [אזא פארב וואס ווערט בענוצט פון פרויען פון די מזרח־לענדער צו שווארצען די ברעמען].

surmi'sal *n.* (סויר-מאי'-זעל) א השערה; דאס משער זיין.

surmise' *n. and v.* (סויר-מאיז') א השערה; דאס משער זיין; חושד זיין, האבען א פערדאכט; זיך משער זיין.

surmi'ser *n.* (סויר-מאי'-זער) איינער וואס איז משער; איינער וואס מאכט א השערה.

surmi'sing *n.* (סויר-מאי'-זינג) פערדעכטיגונג, פערדאכט, חשד.

surmount' *v.* (סויר-מאונט') איבערהויבען; שטעלען עפעס איבער אדער אויף אן אנדער זאך; אריבערקומען; בייקומען; אריבערשטייגען.

surmoun'table *a.* (סויר-מאונ'-טעבל) איבערשטייגליך; וואס קען אריבערגעהויבען אדער איבערקומען ווערען.

surmoun'tableness *n.* (סויר-מאונ'-טעבל-נעס) איבערשטייגליכקייט; דאס קענען בייגעקומען אדער אריבערגעשטיגען ווערען.

surmoun'ted *a.* (סויר-מאונ'-טעד) איבערגעשטיגען, בעזיעגט.

surmoun'ter *n.* (סויר-מאונ'-טער) אן איבערשטייגער, אן איבערשטארקער, א זיעגער.

surmul'let *n.* (סויר-מאל'-עט) דער סורמולעט [אזא רויטליכער זעהר געשמאקער פיש פון מיטעללענדישען ים און אטלאנטישען אקעאן].



Surmullet

sur'name *n. and v.* (סויר'-ניים) א ביינאמען, א צונאמען; א פאמיליען־נאמען; געבען א צונאמען.

sur'namer *n.* (סויר'-ניי-מער) איינער וואס גיט א צונעמעניש.

sur'nay *n.* (סויר'-ניי) אן אריענטאלישער מוזיקאלישער אינסטרומענט עהנליך צו א האבאע. ז. **oboe**.

surpass' *v.* (סויר-פעס') איבערטרעפען, איבערשטייגען.

surpass'able *a.* (סויר-פעס'-עבל) איבערטרעפבאר, איבערטרעפליך, וואס קען איבערטראפען ווערען.

surpass'ing *a.* (סויר-פעס'-אינג) איבערטרעפענד, פארטרעפליך.

surpass'ingly *adv.* (סויר-פעס'-אינג-לי) אויף אן איבערטרעפענדער, פארטרעפליכער ארט.

surpass'ingness *n.* (סויר-פעס'-אינג-נעס) פארטרעפליכקייט; איבערטרעפונג.

sur′plice *n.* (סויר′-פליס) דאס כאר-העמד [א מין ווייסער קיטעל, וואס די גייסטליכע און כאר-זינגער אין די קאטוילישע און אנגליקאנישע קירכען טראגען אין דער צייט פון דער עבודה].

sur′plice-fee *n.* (סויר′-פליס-פיע) א בעלוינונג וואס ווערט געצאהלט די גייסטליכע פאר צופעליגע דיענסטען, ווי פאר טויפען, חתונות, לויות א. ז. וו.

sur′plus *n. and a.* (סויר′-פלאס) אן איבערפלוס, אן איבערשוס; אין יוריספרודענץ — דאס איבערגעבליבענע פערמעגען [נאך′ן אויסצאהלען אלע שולדען און לעגאטען פון פערשטארבענעם]; וואס איז מעהר וויפיעל עס פאדערט זיך; מעהר ווי נענוג.

sur′plusage *n.* (סויר′-פלאס-עדזש) דער איבערפלוס; דאס האבען פון עפעס מעהר ווי מען דארף.

surpri′sal *n.* (סויר-פראי′-זעל) דאס איבערראשען, אן איבערראשונג; אן ערשטוינונג.

surprise′ *n. and v.* (סויר-פראיז′) אי-בערראשונג, ערשטוינונג; עפעס וואס פערורזאכט אן איבערראשונג אדער ערשטוינונג; איבערראשען, ערשטוינען; צומישען, צוטומלען.

surprise′-cup *n.* (סויר-פראיז′-קאפ) א טרינק-גלאז אדער בעכער, וואס איז אזוי געמאכט, אום אבצוטהאן א שפיצעל דעם טרינקער [ווי א בעכער פון וועלכען די פליסיגקייט גיסט זיך אויס גלייך ווי מען נעהמט איהם צום מויל].

surpri′sedly *adv.* (סויר-פראי′-זעד-לי) מיט איבערראשונג, מיט ערשטוינונג.

surprise′ in′to (סויר-פראיז′ אינ′-טו) ברייננען אימעצען איין אן אונערווארטעטען צושטאנד; צופיהרען אימעצען צו אן ענטפער אדער טהאט, וואס איז פאר איהם אליין געווען אונערווארטעט.

surprise′ par′ty (סויר-פראיז′ פאר′-טי) א קאמפאניע מענשען, וואס זיינען געקומען אונערווארטעט צו זייער פריינד, בריינגענדיג מיט זיך מאכלים און געטראנקען פאר א מאהלצייט.

surpri′ser *n.* (סויר-פראי′-זער) איינער וועלכער איבערראשט אדער ערשטוינט אימעצען.

surpri′sing *a.* (סויר-פראי′-זינג) איבערראשענד, ערשטוינענד.

surpri′singly *adv.* (סויר-פראי′-זינג-לי) מיט איבערראשונג, מיט ערשטוינונג, מיט פערוואונדערונג.

surpri′singness *n.* (סויר-פראי′-זינג-נעס) איבערראשונג; ערשטוינונג; דאס זיין איבערראשט אדער ערשטוינט.

surprize′ *n. and v.* (סויר-פראיז′) ז. ***surprise***.

surrebut′ *v.* (סאר-אי-באט′) ענטפערען אין געריכט אויף דעם אנגעקלאגטענס צוריקווייזענדען ענטפער.

surrebut′tal *n.* (סאר-אי-באט′-על) דעם קלעגער′ס בעווייזע וואס ווערען צוגעשטעלט אין געריכט אבצושלאגען דעם אנגעקלאגטען′ס צוריקווייזענדען ענטפער.

surrebut′ter *n.* (סאר-אי-באט′-ער) דעם קלעגער′ס ענטפער אויף דעם אנגעקלאגטען′ס צוריקווייזענדען ענטפער.

surrejoin′ *v.* (סאר-אי-דזשאין′) ענטפערען אין געריכט אויף דעם אנגעקלאגטען′ס געגען-ענטפער.

surrejoin′der *n.* (סאר-אי-דזשאינ′-דער) דער ענטפער פון קלעגער אויף דעם געגען-ענטפער פון דעם אנגעקלאגטען.

surren′der *v. and n.* (סא-רענ′-דער) איבערגעבען, איבערליפערען; אבטרעטען; זיך אונטערגעבען; די איבערגעבונג; די אונטערגעבונג, דאס אונטערגעבען זיך; די אבטרעטונג.

surren′derer *n.* (סא-רענ′-דער-ער) איינער וואס גיט זיך אונטער; איינער וואס טרעט אב אדער גיט איבער.

surrepti′tious *a.* (סאר-עפ-טיש′-אס) וואס איז געטהאן בגנבה אדער דורך בעטרוג; וואס האנדעלט בגנבה אדער אין געהיים; וואס איז שולדיג אין פערנעהמען עפעס בגנבה.

surrepti′tiously *adv.* (סאר-עפ-טיש′-אס-לי) בגנבה, אין געהיים.

sur′rey *n.* (סאר′-אי) א לייכטער פאעטאן צום פאהרען שפאציערען.

sur′rogate *n.* (סאר′-א-גייט) א סוראגאט, אן ערזאץ-מיטעל [דאס וואס ווערט בענוצט צו פערבייטען עטוואס, ווי למשל, ציקאריע אנשטאט קאפע א. ד. ג.]; א במקום, א שטעלפערטרעטער; א בעפאלמעכטיגער אדער שטעלפערטרעטער פון א קירכען-ריכטער אדער פון א בישאף; א ריכטער, וואס האט צו טהאן מיט צוואות און ירושות.

sur′rogateship *n.* (סאר′-א-גייט-שיפ) שטעלפערטרעטערשאפט; דאס אמט פון א ריכטער איבער צוואות און ירושות.

surroga′tum *n.* (סאר-א-גיי′-טאם) אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — א סוראגאט, דאס וואס קומט אנשטאט אן אנדער זאך.

surround′ *v. and n.* (סא-ראונד′) ארומרינגלען; איינשליסען; דאס ארומרינגלען א פלאץ וואו מען געהט אויף נעיעג, כדי צונויפצוטרייבען די חיות אין איין ארט פון וועלכען זיי קענען ניט אנטלויפען, ווי דאס ווערט געטהאן ביי דער יאגד אויף ביפעל-אקסען אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; א קארדאן פון יעגער וואס רינגלען ארום א פלאץ וואו חיות געפינען זיך.

surround′ing *n.* (סא-ראונד′-אינג) אן ארומרינגלונג; דאס ארומרינגלען; אן אומגעבונג, א סביבה; אן אומגעגענד.

surround′ings *n.* (סא-ראונד′-אינגז) אן אומגעבונג; א סביבה; אן אומגעגענד.

sur-roy′al *n.* (סויר-ראי′-על) דער אויבערשטער צווייגעל פון א הירש-הארן.

sursize′ *n.* (סויר-סאיז′) אין מיטעלאלטער — א שטראף וואס פלעגט ארויפגעלעגט ווערען אויף אן ארענדאר פאר ניט צאהלען צום סראק ארענדע-געלד.

sursol′id *a. and n.* (סויר-סאל′-איד) אין מאטעמאטיק — פון פינפטען גראד [וואס איז געדאפעלט אויף זיך זעלבסט פינף מאל]; דער פינפטער גראד אדער פאטענץ אין א צאהל.

sur′tax *n. and v.* (סויר′-טעקס) אן עקסטרא שטייער; ארויפלעגען אן עקסטרא שטייער.

surtout′ *n.* (סויר-טוהט′) א סורדוט, א טאליע-ראק, א פרינץ-אלבערט.

sur′turbrand *n.* (סויר′-טויר-ברענד) די האלץ-ארטיגע ברוין-קויהל אין איסלאנד.

serveil′lance *n.* (סויר-ווייל′-יענס) אויפזיכט, השגחה, אכטונג-געבונג.

surveil′lant *a. and n.* (סויר-ווייל′-יענט) וואס גיט אכטונג, וואס האט די אויפזיכט; אן אויפזעהער, א משגיח; א שפיאן.

survey′ *v. and n.* (סויר-וויי′) איבערבליקען, איבערקוקען; בעזעהן, בעזיכטיגען, בעטראכטען; אכטונג געבען, האבען אויפזיכט; פערמעסטען לאנד, אראבנעהמען א פלאן פון א שטיק לאנד; אן איבערזיכט, אן איבערבליק; א בעזיכטיגונג, א דורכזעהונג, א דורכקוקונג; דאס אויסמעסטען אדער דאס אראבנעהמען א פלאן פון א שטיק לאנד; א פלאן אדער בעשרייבונג פון א זאך וואס ווערט פערזיכערט אין א פערזיכערונגס-געזעלשאפט, ווי פאר פייער א. ד. ג.; א שטייער-בעצירק וואס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון א ספעציעלען בעאמטען; א פלאן.

survey′able *a.* (סויר-וויי′-עבל) וואס קען בעזעהן אדער בעזיכטיגט ווערען.

survey′ance *n.* (סויר-וויי′-ענס) ז. ***surveyorship***.

survey′ing *n.* (סויר-וויי′-אינג) די פעלד-מעסט-קונסט, די פערמעסטונג פון לאנד, דאס אראבנעהמען א פלאן פון לאנד.

survey′or *n.* (סויר-וויי′-אר) א בעזעהער, א בעקוקער; אן אויסזעהער, א פעלד-מעסטער, א קאמארניק; אן אינספעקטאר אין דער ענגלישער פלאטע וואס האט די אויפזיכט אויף דאס בויען און פעררייכטען פון די שיפען.

survey′or-gen′eral *n.* (סויר-וויי′-אר-דזשענ′-ע-רעל) א גענעראל-אינספעקטאר, אן אויבער-אויפזעהער.

Survey′or-gen′eral *n.* (סויר-וויי′-אר-דזשענ′-ע-רעל) דער פערוואלטונגס-דירעקטאר פון מלוכה-לאנד אין די פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא.

survey′orship *n.* (סויר-וויי′-אר-שיפ) די אויפזעהערשאפט, דאס אמט פון אן אויפזעהער אדער אינספעקטאר; דאס אמט פון א פעלד-מעסטער אדער קאמארניק.

survivabil′ity *n.* (סויר-וואי-וועביל′-אי-טי) די מעגליכקייט אריבערצולעבען אדער צו בלייבען לעבען [נאך אימעצען אדער עפעס].

survi′val *n.* (סויר-וואי′-וועל) דאס איבערלעבען, די איבערלעבונג; א פערזאן אדער זאך וואס לעבט איבער אנדערע; א מנהג אדער גלויבען וואס האט איבערגעלעבט זיין צייט.

survi′val of the fit′test (סויר-וואי′-וועל אוו טהי פיט′-עסט) דאס איבערלעבען פון די בעשעפענישען, וועלכע קענען זיך אם בעסטען צופאסען צו די אומשטענדען.

survive′ *v.* (סויר-וואיוו′) איבערלעבען, בלייבען לעבען.

survi′ver *n.* (סויר-וואי′-ווער) ז. ***survivor***.

survi′vor *n.* (סויר-וואי′-וואר) 1. אן איבערלעבענדער, איינער וואס לעבט אימעצען אדער עפעס איבער; 2. איינער וואס בלייבט לעבען [ווי נאך אן אונגליק פון וועלכען פיעלע זיינען אומגעקומען].

2. The survivors of the shipwreck were sheltered and provided for.

survi′vorship *n.* (סויר-וואי′-וואר-שיפ) דאס איבערלעבען; דאס רעכט פון ירושה דורך איבערלעבונג [דאס רעכט פון א שותף אויף דעם גאנצען בעזיץ-אייגענטום, ווען ער האט איבערגעלעבט די אנדערע].

susceptibil′ity *n.* (סא-סעפ-טי-ביל′-אי-טי) די פעהיגקייט אויפצונעהמען געפיהלען, איינדריקע אדער איינפליסע; עמפפינדליכקייט; פיהליגקייט.

suscep′tible *a.* (סא-סעפ′-טיבל) פעהיג אויפצונעהמען געפיהלען, איינדריקע אדער איינפליסע; עמפפינדליך.

suscep′tibleness *n.* (סא-סעפ′-טיבל-נעס) ז. ***susceptibility***.

suscep'tibly *adv.* (סאַ-סעפּ'-טי-בלי) אויף אַן עמפּפינדליכען אופן; מיט דער פעהיגקייט אויפצונעהמען געפיהלען, איינדריקע אדער איינפליסע.

suscep'tion *n.* (סאַ-סעפּ'-שאַן) דאס אונטערנעהמען, דאס נעהמען אויף זיך.

suscep'tive *a.* (סאַ-סעפּ'-טיוו) ז. *susceptible*.

suscep'tiveness *n.* (סאַ-סעפּ'-טיוו-נעס) ז. *susceptibility*.

susceptiv'ity *n.* (סאַס-עפּ-טיוו'-אי-טי) ז. *susceptibility*.

suscep'tor *n.* (סאַ-סעפּ'-טאַר) אַן איבערנעהמער [פון אַ פערפּליכטונג]; אַ טויף־פאטער, אַ קוואַטער.

suscip'iency *n.* (סאַ-סיפּ'-אי-ען-סי) די אננאַהמע, די אויפנאַהמע.

suscip'ient *a. and n.* (סאַ-סיפּ'-אי-ענט) אננעהמענד, איבערנעהמענד, אויפנעהמענד; אַן אננעהמער, אַן אויפנעהמער; אַן איבערנעהמער.

sus'lik *n.* (סאַס'-ליק) אַ סוסליק [אַזאַ פעלד־חיה'לע, וואס ערנעהרט זיך מיט פלאַנצען און קערנער און שעדיגט זעהר די תבואה־פעלדער].

suspect' *v., a. and n.* (סאַס-פעקט') פערדעכטיגען, חושד זיין; האבען אַ פערדאַכט, האבען אַ חשד; צווייפלען, ניט טרויען; צווייפעלהאַפט, אונזיכער; אַ פערדעכטיגע פערזאָן.

suspec'tedly *adv.* (סאַס-פעק'-טעד-לי) פערדעכטיג, ארויסרופענדיג אַ חשד אדער אַ פערדאַכט.

suspec'tedness *n.* (סאַס-פעק'-טעד-נעס) פערדעכטיגקייט.

suspec'ter *n.* (סאַס-פעק'-טער) איינער וואס איז חושד אדער האט אַ חשד.

suspend' *v.* (סאַס-פענד') עפּעס אויפהענגען, ניט לאָזען אראבפאַלען; צוריקהאלטען, אבהאלטען; אבשטעלען; אבלעגען פאַר אַ געוויסער צייט; אונטערברעכען; סוספּענדירען, אויסשליסען פאַר אַ געוויסער צייט, אראבזעצען פון אַמט פאַר אַ געוויסער צייט.

suspen'ded *a.* (סאַס-פען'-דעד) וואס איז אנגעהאנגען, וואס הענגט; סוספּענדירט, אבגעלעגט; אונענטשיעדען; אונטערבראָכען.

suspen'ded anima'tion (סאַס-פען'-דעד ען-אי-מיי'-שאַן) אַ צייטווייליגע אבשטעלונג פון אָטעם, אַ שיינבארער טויט.

suspen'der *n.* (סאַס-פען'-דער) אַן אויפהענגער; עטוואס וואס הענגט אדער איז אויפגעהאנגען; אַ שלייקע; אַ הענגענדע וואַזע אדער בלומען־טאָפּ.

suspen'ders *n.* (סאַס-פען'-דערז) שלייקעס.

suspensa'tion *n.* (סאַס-פען-סיי'-שאַן) אַ צייטווייליגע צוריקהאלטונג אדער אבהאלטונג; אַ צייטווייליגע אבלעגונג אדער צוריקרופונג.

suspense' *a. and n.* (סאַס-פענס') צווייפעלהאַפט, אונזיכער, אונגעוויס; הענגענד, שוועבענד; אונזיכערהייט, צווייפעל, אונגעוויסהייט, אונבעשטימטהייט, אונענטשיעדענהייט; דאס האלטען אין אונבעשטימטהייט; אַ צייטווייליגע צוריקציהונג פון אימעצענס רעכטע.

suspensibil'ity *n.* (סאַס-פען-סי-ביל'-אי-טי) די שוועב־פעהיגקייט, דאס קענען זיך האלטען שוועבענדיג אדער הענגענדיג.

suspen'sible *a.* (סאַס-פען'-סיבל) שוועבפעהיג, וואס קען זיך האלטען שוועבענד אדער הענגענד.

suspen'sion *n.* (סאַס-פען'-שאַן) דאס אויפהענגען, דאס געהאלטען ווערען הענגענדיג אדער שוועבענדיג; עטוואס, וואס האלט זיך הענגענדיג אדער שוועבענדיג; דאס אבלעגען; דאס צוריקהאלטען אדער אבהאלטען; דאס אבשטעלען פאַר אַ געוויסער צייט; דאס אונטערברעכען; אבשטעלונג, צוריקהאלטונג, אבלעגונג; אונטערברעכונג; דאס סוספּענדירען אדער אויסשליסען פאַר אַ געוויסער צייט; די צייטווייליגע אראבזעצונג פון אַמט; אין מוזיק — דאס פערלענגערען אַ טאָן פון איין אַקאָרד אין דעם פאָלגענדען אַקאָרד, וועלכער קלינגט אנפאַנגס ווי אַ דיסאָנאַנס אָבער נאָכהער שמעלצט ער זיך מיט איהם צונויף.

suspen'sion-bridge *n.* (סאַס-פען'-שאַן-בּרידזש) אַ הענג־בריק [אַ בריק וואס הענגט אויף זייל־טהויערען דורך אַ סיסטעם פון קייטען און קאַבעל־שטריק].

Suspension-bridge

suspen'sion of arms (סאַס-פען'-שאַן אָוו אַרמז) אַ וואַפען־שטילשטאַנד.

suspen'sion-rail'way *n.* (סאַס-פען'-שאַן-רייל'-הוויי) אַ שוועבענדע אדער הענגענדע אייזענבאַהן [אַן אייזענבאַהן ביי וועלכער די וואַגאָנען הענגען אין דער לופטען אויף אַ רעלסע אדער רעלסען איבער וועלכע די רעדער דרעהען זיך].

suspen'sive *a.* (סאַס-פען'-סיוו) צווייפעלהאַפט; וואס איז גענייגט צו האלטען אין אונבעשטימטהייט אדער אונזיכערהייט; וואס האט די מאַכט צוריקצוהאלטען אדער אבצושטעלען.

suspen'sive condi'tions (סאַס-פען'-סיוו קאָנ-דיש'-אַנז) בעדינגונגען פון וועלכע עס הענגט אב, אַז אַ געוויסער אבמאַך אדער קאָנטראַקט זאָל זיין גילטיג.

suspen'sively *adv.* (סאַס-פען'-סיוו-לי) אויף אַ הענגענדען אדער שוועבענדען אופן.

suspen'sor *n.* (סאַס-פען'-סאָר) אַ סוספּענסאַריום, אַן אויפהענג־באַנדאַזש [אַ זעקעלע וואס הענגט אויף אַ באַנדאַזש אויפצוהאלטען דעם אייער־בייטעל].

suspenso'rium *n.* (סאַ-פען-סאָו'-רי-אַם) אַן אויפהענגער, עטוואס וואס האלט אויפגעהאנגען [ווי געוויסע ביינער אדער מוסקולען, וואס האלטען אין אַן אנגעטשעפּעטער אדער הענגענדער לאַגע אַ געוויסען קערפּער־גליעד].

suspen'sory *a. and n.* (סאַס-פען'-סאַ-רי) וואס דיענט צו האלטען אויפגעהאנגען אַ גליעד אדער אָרגאַן פון קערפּער [ווענען געוויסע מוסקולען]; אַן אויפהענגבאַנדאַזש, אַן אויפהענג־בינדע; סוספּענדירענד, אבלעגענד, אבשטעלענד, צוריקהאלטענד; אַ מוסקול דורך וועלכען אַ גליעד פון קערפּער ווערט געהאלטען אויפגעהאנגען.

sus. per coll. אַן אבקירצונג פון דעם לאַטיינישען אויסדרוק *suspensio per collum* [אויפגעהאנגען אדער הענגענדיג אויף'ן האלז].

suspercol'late *v.* (סאַס-פּער-קאָל'-אייט) הענגען פאַר'ן האלז, אויפהענגען.

suspi'cion *n. and v.* (סאַס-פּיש'-אַן) אַ פערדאַכט, אַ חשד; אַ קליין ביסעלע; אַ לייכטע שפּור; אַ גאַנץ קליינער גראַד; פערדעכטיגען, חושד זיין, צווייפלען.

suspi'cional *a.* (סאַס-פּיש'-אַנ-על) פערדעכטיג; וואס האט אַ קרענקליכע נייגונג חושד צו זיין אדער צו פערדעכטיגען.

suspi'cious *a.* (סאַס-פּיש'-אַס) פערדעכטיג; מיסטרויאיש.

suspi'ciously *adv.* (סאַס-פּיש'-אַס-לי) מיט פערדאַכט, מיט חשד; ארויסרופענדיג אַ פערדאַכט אדער חשד.

suspi'ciousness *n.* (סאַס-פּיש'-אַס-נעס) פערדעכטיגקייט.

sus'piral *n.* (סאַס'-פּי-רעל) אַ לופט־לאָך, אַ צוג־לאָך; אַן אונטערערדישער טייך אדער וואַסער־לויף.

suspira'tion *n.* (סאַס-פּי-ריי'-שאַן) דאס זיפצען; אַ זיפץ; אַ טיעפע אָטהעמונג.

suspire' *v.* (סאַס-פּאַיר') זיפצען; טיעף אָטהעמען.

Sus'sex mar'ble (סאַס'-עקס מאַרבל) אַזאַ בלויליך־גרויער מירמעל־שטיין [מאַרמאָר] מיט גרינליכע און געלבע פלעקען.

sustain' *v.* (סאַס-טיין') שטיצען, האלטען; ערהאלטען, ערנעהרען, מפרנס זיין; אונטערשטיצען, העלפען; אויסהאלטען, פערטראָגען, דולדען.

sustain'able *a.* (סאַס-טיינ'-עבל) ערטרעגליך, אויסצוהאלטען.

sustained' *a.* (סאַס-טיינד') געהאלטען אויף דעמזעלבינען גראַד.

sustain'er *n.* (סאַס-טיינ'-ער) אַ שטיצער; אַ שטיצע; אַן ערנעהרער; אַן אויסהאלטער, אַ דולדער.

sustain'ment *n.* (סאַס-טיינ'-מענט) ערהאלטונג, ערנעהרונג; שטיצע.

sus'tenance *n.* (סאַס'-טי-נענס) ערהאלטונג; לעבענס־אונטערהאלט, נאַהרונג; לעבענס־מיטעל.

sustenta'tion *n.* (סאַס-טענ-טיי'-שאַן) ערהאלטונג, אונטערהאלטונג, אונטערשטיצונג; לעבענס־אונטערהאלט, לעבענס־מיטעל.

susten'tative *a.* (סאַס-טענ'-טע-טיוו) אונטערשטיצענד; ערנעהרענד.

susur'rant *a.* (סו-סאַר'-ענט) מורמלענד; שעפּטשענד.

susur'rate *v.* (סו-סאַר'-אייט) מורמלען; שעפּטשען.

susurra'tion *n.* (סיו-סאַ-ריי'-שאַן) אַ געמורמעל; דאס מורמלען; דאס שעפּטשען.

susur'rous *a.* (סו-סאַר'-אַס) מורמלענד; שעפּטשענד.

susur'rus *n.* (סו-סאַר'-אַס) אַ שטילעס מורמלען, אַ גאַנץ שטילער גערויש ווי אַ מורמלען.

sut'ler *n.* (סאַט'-לער) איינער וואס געהט מיט אַן ארמעע צו פערקויפען פּראָוויאַנט צו די סאָלדאַטען, אַ מאַרקעטאַנט.

sut'lership *n.* (סאַט'-לער-שיפּ) די בעשעפטיגונג פון אַ מאַרקעטאַנט. ז. *sutler*.

sut'lery *n.* (סאַט'-לער-אי) דאס פערקויפען פּראָוויאַנט צו סאָלדאַטען; אַ פּלאַץ וואו פּראָוויאַנט ווערט פערקויפט.

su'tor *n.* (סיו'-טאָר) אַ שוסטער.

suto'rial *a.* (סיו-טאָו'-רי-על) וואס איז שייך צו אַ שוסטער; ווי אַ שוסטער.

Su'tra *n.* (סוה'-טראַ) אין דער סאַנסקריטישער ליטעראַטור — די זוטראַ, אַ זאַמלונג פון פּאַרשריפטען און תקנות פון דער

בראמאניסטישער אדער בודיסטישער רעליגיאן.

suttee' *n.* (סא-טיע') די פרייוויליגע פערברענונג אין אינדיען פון אן אלמנה צוזאמען מיט דעם טויטען קערפער פון איהר מאן; אן אלמנה אין אינדיען וואס לאזט זיך פערברענען צוזאמען מיט איהר טויטען מאן.

suttee'ism *n.* (סא-טיע'-איזם) דער מנהג אין אינדיען וואס די אלמנה לאזט זיך פרייוויליג פערברענען מיט איהר טויטען מאן.

sut'tle *a.* (סאטל) לייכט; וואס צייגט דאס נעטא-געוויכט [דאס געוויכט פון א סחורה אהן דער פערפאקונג].

sut'tling *a.* (סאט'-לינג) וואס איז שייך צו א פראוויאנט-פערקויפער, וואס בעשעפטיגט זיך מיט פערקויפען פראוויאנט צו סאלדאטען.

su'tural *a.* (סיו'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו א נאהט; וואס האט א נאהט.

su'turally *adv.* (סיו'-טשו-רעל-אי) מיט א נאהט; דורך א נאהט.

sutura'tion *n.* (סיו-טשו-ריי'-שאן) די פארמירונג פון א נאהט; דאס זיין ווי פערנעהט מיט א נאהט.

su'ture *n. and v.* (סיו'-טשור) א נאהט; א צונויפנעהונג; פערנעהען מיט א נאהט.

su'zerain *n.* (סיו'-זע-רען) אן אויבער-הערשער, א סוזערען; א פעאדאלער לארד אדער באראן.

su'zerainty *n.* (סיו'-זע-רענ-טי) אויבערהערשאפט; סוזערעניטעט, דאס אמט אדער די ווירדע פון אן אויבערהערשער.

S. W. ראשי תבות פון *southwest*

swab *n. and v.* (סהוואב) א שוואבער, א וויש-בעזים פון שטריקלעך אדער ראגאזשע צו וואשען א פאדלאגע; די עפאלעטען פון אן אפיציער אויף א קריעגס-שיף [הומאריסטיש]; א מין פינזעל פון א שטיקעל שוואם אדער צייג, וואס דיענט אויסצואווישען דאס מויל פון א קראנקען; וואשען א פאדלאגע אדער דעם דעק פון א שיף מיט א שוואבער.

swab'ber *n.* (סהוואב'-ער) איינער וואס געברויכט א שוואבער אדער וויש-בעזים; איינער וואס טויג נאר צו וואשען פאדלאגעס; א פאמעלע [בעזים] אויסצוקעהרען דעם אויווען.

swab'ble *v.* (סהוואבל) שטרייטען, צאנקען, זיך קריעגען; זיך וויעגען, זיך בעוועגען היז און הער.

swad *n.* (סהוואד) א גראבער יונג, א פויער; א סאלדאט.

swad'dle *v. and n.* (סהוואדל) וויקלען [א קינד], ווינדלען; א וויקעל-שנור, א וויקעל-באנד, א ווינדעל.

swad'dleband *n.* (סהוואד'ל-בענד) ז. *swaddling-band*

swad'dle up (סהוואדל אפ) איינוויקלען, פערוויקלען [א קינד].

swad'dling *n.* (סהוואד'-לינג) דאס וויקלען, דאס ווינדלען; ווינדעלעך.

swad'dling-band *n.* (סהוואד'-לינג-בענד) א וויקעל, א ווינדעל [צו פערוויקלען א קינד].

swad'dling-clothes *n.* (סהוואד'-לינג-קלאוטהז) וויקעלעך, ווינדעלעך, וויקעל-בענדער.

swad'dling-clout *n.* (סהוואד'-לינג-קלאוט) ז. *swaddling-band*

swad'dy *a. and n.* (סהוואד'-אי) פול מיט שויטען אדער סטרוטשקעס; א סאלדאט; א מיליין-דיענער.

swag *v. and n.* (סהוועג) זינקען, אראב-הענגען; רויב, גע'גנב'עטע זאכען.

swag'-bel'lied *a.* (סהוועג'-בעל'-איד) גראב-בייכיג.

swag'-bel'ly *n.* (סהוועג'-בעל'-אי) א גראבער בויך; א גראב-בייכינער.

swage *n. and v.* (סהווײדזש) א געצייג צו פארמעווען מעטאלען; א געצייג מיט וועלכען מעטאל ווערט געבויגען, צוזאמענגעדריקט אדער צושפרייט; פארמעווען מעטאלען מיט דיזען געצייג.

swag'ger *v., n. and a.* (סהוועג'-ער) געהן מיט א פעררייסענעם קאפ, בלאזען פון זיך, טומלען וועגען זיך, מאכען פון זיך א גאנצען צימעס; בויאנעווען; סטראשען, שרעקען; ווירקען דורך דראהונג; בעריהמעריי, העזה, חוצפה; אנגעבלאזען; מיט א פעררייסענעם קאפ.

swag'gerer *n.* (סהוועג'-ער-ער) א בעריהמער, א שרייער, אן עזות פנים.

swag'gering *n. and a.* (סהוועג'-ער-אינג) בעריהמעריי; וואס בעריהמט זיך.

swag'geringly *adv.* (סהוועג'-ער-אינג-לי) אויף א בעריהמערישען שטייגער.

swag'gy *a.* (סהוועג'-אי) זינקענד, אראב-הענגענד.

swa'ging-machine' *n.* (סהווײ'-דזשינג-מע-שין') א מאשין צו פארמעווען זאכען אדער כלים פון בלעך.

swag'man *n.* (סהוועג'-מען) איינער וואס האנדעלט מיט ביליגער, שלעכטער סחורה.

swag'-shop *n.* (סהוועג'-שאפ) א קראם פון ביליגע, שלעכטע סחורות.

swain *n.* (סהוויין) א דארפסמאן, א ישוב'ניק; א דארפישער פראנט; א פרויען-ליעבלינג; א געליעבטער.

swaip *v.* (סהווייפ) געהן מיט שטאלץ; געהן מיט א פעררייסענעם קאפ.

swale *n.* (סהווייל) א נידריגעס פייכטעס שטיק לאנד.

swal'low *v. and n.* (סהוואל'-או) שלוקען, שלינגען; איינשלינגען, אריינגעהמען; אננעהמען א מיינונג אדער גלויבען, ניט טראכטענדיג צי איז דאס אמת אדער פאלש; ארונטערשלינגען [א בעליידיגונג]; צוריקנעהמען, צוריקציהען; דער שלונג, דער גארגעל; א תהום, אן אבגרונד, א טיעפעניש; א גרוב; דאס שלינגען; דאס וואס ווערט איינגעשלונגען; א ביסען; א געשמאק, א טעם; דער בלאז-פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף]; א שוואלב; א פויגעל עהנליך צו א שוואלב; אזא מין הויז-טויב.

swal'low-all *n.* (סהוואל'-או-אהל) א [גרויסער] רייזע-טשעמאדאן.

swal'low down (סהוואל'-או דאון) ארונטערשלינגען, פערשלינגען.

swal'lower *n.* (סהוואל'-א-ער) דער אדער דאס וואס שלינגט אדער פערשלינגט; א פרעסער; דער בלאז-פיש [אזא פרעסיגער פיש וואס בלאזט זיך אויף].

swal'low-fish *n.* (סהוואל'-או-פיש) דער ים-האהן [אזא קליינער פליהענדער פיש]. ז. *gurnard*

swal'low-hawk *n.* (סהוואל'-או-האהק) דער שוואלבען-עהנליכער שפארבער אדער קארשון [אזא רויב-פויגעל].

swal'lowtail *n. and a.* (סהוואל'-או-טייל) א שוואלבען-עק; עפעס וואס איז עהנליך צו א שוואלבען-עק; וואס האט די פארם פון א שוואלבען-עק.

swal'low-tailed *a.* (סהוואל'-או-טיילד) וואס האט די פארם פון א שוואלבען-עק; גאפעל-פערמיג.

swal'low-tailed but'terfly (סהוואל'-או-טיילד באט'-ער-פלאי) אזא שמעטערלינג אדער באבעלע, ביי וועלכער עס שטארצען ארויס פון הינטען צוויי שפיצען ווי א שוואלבען-עק.



Swallow-tailed Butterfly

swal'low-tailed coat (סהוואל'-או-טיילד קאוט) א פראק מיט צוויי פערשפיצטע פאלעס.

swal'low up (סהוואל'-או אפ) איינשלינגען, פערשלינגען.

swal'lowwort *n.* (סהוואל'-או-הווארט) דאס שוואלבען-קרויט [אזא אייראפעאיש גראז].

swam (סהוועם) געשוואומען. ז. *swim*

swamp *n. and v.* (סהוואמפ) א זומפ; פערזינקען, מאכען זינקען [אין א זומפ אדער בלאטע]; ברייגנען אין פערלעגענהייט; שטעקען אין א זומפ; זיין אין פערלעגענהייט; ווערען אנגעפילט מיט וואסער, אונטערגעהן; רואינירט ווערען, געהן צו גרונד.

swamp'-fe'ver *n.* (סהוואמפ'-פיע'-ווער) זומפ-פיבער.

swamp'-hon'eysuckle *n.* (סהוואמפ'-האנ'-אי-סאקל) די אזאליא [אזא מין בושעס אדער קוסטעס וואס וואקסען אין זומפינע ערטער פון נארד-אמעריקא].

swamp'-ore *n.* (סהוואמפ'-אור) דער זומפ-אייזענשטיין. ז. *bog-iron ore*

swamp'-sas'safras *n.* (סהוואמפ'-סעס'-ע-פרעס) א מין מאגנאליע-בוים. ז. *Magnolia*

swam'py *a.* (סהוואמ'-פי) זומפיג, בלאטיג.

swam'py land (סהוואמ'-פי לענד) זומפ-לאנד, בלאטינעס לאנד.

swan *n.* (סהוואן) דער שוואן [א גרויסער שווים-פויגעל מיט א לאנגען, גראציעזען אויסגעבויגענעם האלז].

Swan

swan'-down *n.* (סהוואנ'-דאון) שוואנען-פוך. ז. *swan's-down*

swan'-goose *n.* (סהוואנ'-גוהס) אזא כינעזישע גאנז, וואס איז עהנליך צו א שוואן.

swan'herd *n.* (סהוואנ'-הוירד) א שוואנען-פאסטוך, א שוואנען-אויפזעהער.

swan'-mai'den *n.* (סהוואנ'-מיי'דן) א לעגענדארישע פרוי וואס האט זיך געקענט פערוואנדלען אין א שוואן.

swan'-mark *n.* (סהוואנ'-מארק) א צייך

כען אויסגעקריצט אויף'ן שנאבעל פון א שוואן [צו בעצייכנען צו וועמען ער גע-הערט].

swan'-mar'king *n.* (סהוואנ'-מאר'-קינג) דאס צייכנען שוואנען.
ז. *swan-mark*

swan'neck *n.* (סהוואנ'-נעק) דער שוואנ-נען-האלז [דער ענד פון א רעהר, קראן א. ז. וו. אין דער פארם פון א שוואנען-האלז; אזא ארבידען-פלאנצע].

swan'nery *n.* (סהוואנ'-ער-אי) א שוואנען-טייך [א טייך וואו שוואנען ווע-רען אויסגעהאדעוועט און ערצויגען].

swan'ny *a.* (סהוואנ'-אי) שוואנ-פערמיג, עהנליך צו א שוואן.

swan's'-down *n.* (סהוואנז'-דאון) פוך פון שוואנען; א זעהר ווייכער, דיקער וואלען-שטאף; א ווייכער וואלען-שטאף וואס איז האריג פון איין זייט.

swan'-shot *n.* (סהוואנ'-שאט) א גרוי-סער זארט שראט פאר דער יאגד אויף שוואנען.

swan'skin *n.* (סהוואנ'-סקין) די הויט פון א שו[illegible]ער עס זיינען נאך דא די פעדער[illegible] מין פלאנעל.

sym'pathizer *n.* (סימ'-פע-טהאי-זער) א סימפאטיזירער, א מיטפיהלער.

sym'pathy *n.* (סימ'-פע-טהי) סימפאטיע, מיטלייד, מיטגעפיהל; אין מעדיצין — דאס מיטליידען פון א טייל פון קערפער צוליעב דער קראנקהייט פון אן אנדער טייל; די הארמאניע [פון פארבען און טענער].

symphonet'ic *a.* (סים-פא-נעט'-איק) ז. *symphonic*.

symphon'ic *a.* (סים-פאנ'-איק) סימפאניש; וואס איז שייך צו א סימפאניע אדער הארמאניע פון טענער; וואס האט דעמזעלבינען קלאנג [ווי צוויי בעזונדערע ווערטער וואס האבען איין אויסשפראך]; אין מוזיק — וואס איז שייך צו א סימפאניע [ז. *symphony*].

sympho'nious *a.* (סים-פאו'-ני-אס) הארמאניש, צוזאמענשטימענד, וואהל-קלינגענד.

sym'phonist *n.* (סימ'-פא-ניסט) א סימפאניסט, א פערפאסער פון סימפאניען. ז. *symphony*.

sym'phonize *v.* (סימ'-פא-נאיז) הארמאנירען; שטימען.

sym'phony *n.* (סימ'-פא-ני) א סימפאניע, א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן אין דער פארם פון א סאנאטא [ז. *sonata*], וואס ווערט פערפאסט ניט פאר אן איינצעלנעם אינסטרומענט, נאר פאר א גאנצען ארקעסטער; א הארמאניע פון טענער.

sym'physal *a.* (סימ'-פי-זעל) ז. *symphyseal*.

symphys'eal *a.* (סים-פיז'-אי-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א סימפיזע. ז. *symphysis*.

sym'physis *n.* (סימ'-פי-סיס) אין אנאטאמיע — א סימפיזע, צוזאמענוואקסונג פון צוויי ביינער, צוזאמענוואקסונג, פעראייניגונג אדער פערבינדונג פון צוויי טיילען.

sympiesom'eter *n.* (סים-פי-ע-סאמ'-ע-טער) דאס סימפיזאמעטער, אן אינסטרומענט עהנליך צו א באראמעטער, צו מעסטען דעם דרוק פון שטראם פון א פליסיגען קערפער אדער צו מעסטען די צונויפדריקבארקייט פון פליסיגע קערפער.

sympo'siac *a. and n.* (סים-פאו'-זי-עק) וואס איז שייך צו א מאהלצייט פאר געסט; א סעודה פאר געסט, א באנקעט.

sympo'sial *a.* (סים-פאו'-זי-על) וואס איז שייך צו א מאהלצייט פאר געסט.

sympo'siast *n.* (סים-פאו'-זי-עסט) אן אנטייל-נעהמער אין א סעודה אדער מאהלצייט.

sympo'sion *n.* (סים-פאו'-זי-אן) ז. *symposium*.

sympo'sium *n.* (סים-פאו'-זי-אם) א מאהלצייט, א סעודה מיט קורצע רעדען און צייט-פערטרייב; א באנקעט; א זאמלונג פון קורצע רעדען אדער אויסגעדריקטע מיינונגען וועגען עפעס.

symp'tom *n.* (סימפ'-טאם) א סימפטאם; א קראנקהייטס-צייכען [א צייכען אז וועלכען מען דערקענט א קראנקהייט]; א צייכען, א פאר-צייכען.

symptomat'ic *a.* (סימפ-טא-מעט'-איק) סימפטאמאטיש, ווי א סימפטאם, ווי א קראנקהייטס-צייכען; וואס דיענט אלס צייכען, אנצייגענד.

symptomat'ical *a.* (סימפ-טא-מעט'-אי-קעל) ז. *symptomatic*.

symptomat'ically *adv.* (סימפ-טא-מעט'-אי-קעל-אי) דורך סימפטאמען אדער סמנים, סימפטאמאטיש.

symp'tomatize *v.* (סימפ'-טא-מע-טאיז) בעווייזען די סימפטאמען אדער סמנים פון עפעס; כאראקטעריזירען [א קראנקהייט] דורך די סימפטאמען אדער סמנים.

symptomatol'ogy *n.* (סימפ-טא-מע-טאל'-א-דזשי) סימפטאמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען די סימפטאמען אדער סמנים פון קראנקהייטען.

symptomol'ogy *n.* (סימפ-טא-מאל'-א-דזשי) ז. *symptomatology*.

synær'esis *n.* (סי-נער'-ע-סיס) אין גראמאטיק — די סינערעזע, די צוזאמענציהונג פון צוויי זילבען אדער פון צוויי גלייכארטיגע וואקאלען אין איינעם [ווי דאס ווארט *ne'er* אנשטאט *never*].

syn'agogal *a.* (סינ'-ע-גאג-על) ז. *synagogical*.

synagog'ical *a.* (סינ-ע-גאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א סינאגאגע אדער צו א אידישער שוהל.

syn'agogue *n.* (סינ'-ע-גאג) א סינאגאגע, א אידישע שוהל, א קלויז צום דאווענען; די רעליגיעזע געמיינדע אדער דער קהל וואס דאווענט אין א געוויסער שוהל; א פארצייטיגע געמיינדע פון אידישע קריסטען.

synale'pha *n.* (סינ-ע-לי'-פא) אין גראמאטיק — די פעראייניגונג פון צוויי וואקאלען פון צוויי בעזונדערע זילבען אין איין זילבע [ווי למשל, *th'enemy* אנשטאט *the enemy*].

synale'phe *n.* (סינ-ע-ליע'-פי) ז. *synalepha*.

synal'gia *n.* (סי-נעל'-דזשי-א) א סימפאטעטישער וועהטאג [א וועהטאג אין איין טייל פון קערפער צוליעב דער קראנקהייט פון אן אנדער טייל].

synallagmat'ic *a.* (סינ-ע-לעג-מעט'-איק) אין יוריספרודענץ — געגענזייטיג פערפליכטעט.

synalœ'phe *n.* (סינ-ע-ליע'-פי) ז. *synalephà*.

synan'therous *a.* (סי-נענ'-טהער-אס) אין באטאניק — מיט א פערוואקסענעם שטויב-בייטעל [וועגען געוויסע פלאנצען].

syn'archy *n.* (סינ'-אר-קי) א געמיינשאפטליכע הערשונג אדער רעגיערונג.

synarte'sis *n.* (סינ-אר-טי'-סיס) דאס צוזאמענבינדען, דאס פעראייניגען; אן ענגער צוזאמענבונד.

synarthro'dia *n.* (סינ-אר-טהראו'-די-א) ז. *synarthrosis*.

synarthro'sis *n.* (סינ-אר-טהראו'-סיס) אן אונבעוועגליכעס גליעד; א נאהט אדער געלענק צווישען צוויי גליעדער, וועלכע בעוועגען זיך ניט [ווי די נאהט צווישען די טיילען פון שיידעל אדער שארבען].

synax'is *n.* (סי-נעק'-סיס) א רעליגיעזע פערזאמלונג [ביי די פארצייטיגע קריסטען].

syn'carp *n.* (סינ'-קארפ) אין באטאניק — א צוזאמענגעזעצטע פרוכט.

syncar'pium *n.* (סינ-קאר'-פי-אם) ז. *syncarp*.

syncar'pous *a.* (סינ-קאר'-פאס) אין באטאניק — צוזאמענגעזעצט און פערוואקסען; וואס האט דעם כאראקטער פון א צוזאמענגעזעצטער פרוכט.

syncategoremat'ic *a. and n.* (סינ-קעט-אי-גאר-אי-מעט'-איק) אין לאגיק — וואס איז שייך צו ווערטער, וועלכע קענען ניט אליין בעצייכנען א געגענשטאנד, צושטאנד אדער אייגענשאפט, נאר זיי בעצייכנען דאס אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער [ווי אן אדווערבום, פרעפאזיציאן א. ד. ג.]; א ווארט וואס בעצייכענט א געגענשטאנד, צושטאנד אדער אייגענשאפט נור אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער.

synchondro'sis *n.* (סינ-קאנ-דראו'-סיס) אין אנאטאמיע — די פערבינדונג פון ביינער דורך כראמשקע [קנארפעל].

syn'chronal *a. and n.* (סינ'-קרא-נעל) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג; וואס עס טרעפט זיך אין איין צייט מיט אן אנדער זאך; א גלייכצייטיגע פאסירונג.

synchron'ical *a.* (סינ-קראנ'-אי-קעל) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג; וואס טרעפט זיך אין דערזעלבער צייט מיט אן אנדער זאך אדער פאסירונג.

synchron'ically *adv.* (סינ-קראנ'-אי-קעל-אי) אויף א גלייכצייטיגען אופן; טרעפענדיג זיך אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

synchronisa'tion *n.* (סינ-קרא-ני-זיי'-שאן) ז. *synchronization*.

syn'chronise *v.* (סינ'-קרא-נאיז) ז. *synchronize*.

syn'chroniser *n.* (סינ'-קרא-נאי-זער) ז. *synchronizer*.

syn'chronism *n.* (סינ'-קרא-ניזם) די גלייכצייטיגקייט; די גלייכצייטיגע פאסירונג; א סינכראניזם, א צוזאמענפאל פון צוויי אדער עטליכע פאסירונגען אין איין צייט; א טאבעלע פון היסטארישע פאסירונגען אדער פערזאנען, וואס זיינען גרופירט לויט די דאטען; אין מאלעריי — דאס פארשטעלען אויף איין בילד עטליכע פאסירונגען וואס זיינען פארגעקומען אין בעזונדערע צייטען אדער איין און דיעזעלבע פאסירונג אין פערשיעדענע מאמענטען.

synchronis'tic *a.* (סינ-קרא-ניס'-טיק) סינכראניסטיש; וואס איז שייך צו סינכראניזם. ז. *synchronism*.

synchronis'tically *adv.* (סינ-קרא-ניס'-טי-קעל-אי) אויף א סינכראניסטישען שטייגער; לויט די דאטען.

synchroniza'tion *n.* (סינ-קרא-ני-זיי'-שאן) דאס מאכען סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג [ספעציעל ווענען זייגערס זיי זאלען צייגען דיעזעלבע צייט אדער ווענען עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען, אז זייערע פאזען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט]; דאס צוזאמענפאלען פון צוויי אדער עטליכע פאסירונגען אין איין צייט.

syn'chronize *v.* (סינ'-קרא-נאיז) זיין גלייכצייטיג, צוזאמענפאלען אדער צוזאמענטרעפען אין איין צייט; מאכען סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג; מאכען צו געהן אין איין צייט [ווענען זייגערס אדער ווענען עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען, אז זייערע פאזען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט].

syn'chronizer *n.* (סינ'-קרא-נאי-זער) איינער וואס מאכט סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג; א פארריכטונג צו מאכען, אז זייגערס זאלען צייגען דיעזעלבע צייט אדער אז די פאזען פון עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט.

synchronol'ogy *n.* (סינ-קרא-נאל'-א-דזשי) סינכראנאלאגיע, די סינכראניסטישע געשיכטס-מעטאדע [א מעטאדע צו שרייבען געשיכטע וואו עס ווערען גרופירט לויט די דאטען איינע נאך די אנדערע די וויכטיגסטע פאסירונגען אין לעבען פון פערשיעדענע פעלקער].

syn'chronous *a.* (סינ'-קרא-נאס) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג.

syn'chronously *adv.* (סינ'-קרא-נאס-לי) אויף א סינכראניסטישען אדער גלייכצייטיגען שטייגער.

syn'chronousness *n.* (סינ'-קרא-נאס-נעס) דאס זיין סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג.

syn'chrony *n.* (סינ'-קרא-ני) דאס פאסירען פון בעזונדערע זאכען אין איין צייט.

syn'chysis *n.* (סינ'-קי-סיס) אן אונארדנונג, אן אויסמישונג; אין רעטאריק — א פערקעהרטע ארדנונג פון די ווערטער אין א זאץ; אין פאטאלאגיע — די אויספליסונג פון דעם גלאז-שטאף פון אויג.

syncli'nal *a. and n.* (סינ-קלאי'-נעל) וואס בויגט זיך ארונטער אין צוויי געגענזייטיגע ריכטונגען אום צו בעגעגענען זיך אונטען אין איין פונקט [ווי די צייכנונג ◡]; אין געאלאגיע — וואס האט א גלייכע נייגונג מיט אנדערע ערד-שיכטען; אן ארונטערגעבויגענע שיכט אדער ליניע.

syn'cline *n.* (סינ'-קלאין) אן ארונטערגעבויגענע שיכט אדער ליניע. ז. *synclinal*.

synclin'ical *a.* (סינ-קלינ'-אי-קעל) ז. *synclinal*.

syn'copate *v.* (סינ'-קא-פייט) צוזאמענציהען א ווארט, ארויסנעהמענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע זילבען [ווי דאס ווארט *Gloster* פון *Gloucester*]; אין מוזיק — סינקאפירען, פערבינדען אין איין אקצענט די צווייטע העלפט פון דעם ערשטען טאן מיט דער ערשטער העלפט פון דעם פאלגענדען טאן.

syncopa'tion *n.* (סינ-קא-פיי'-שאן) דאס צוזאמענציהען א ווארט, ארויסווארפענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע זילבען; אין מוזיק — דאס סינקאפירען, דאס פעראייניגען אין איין אקצענט די צווייטע העלפט פון ערשטען טאן מיט דער ערשטער העלפט פון פאלגענדען טאן.

syn'cope *n.* (סינ'-קא-פי) די סינקאפע [אין גראמאטיק — די פערקירצונג פון א ווארט דורך דורכלאזען א מיטעלסטען בוכשטאב, ווי למשל, *ne'er* פון *never*; אין מוזיק — די צוזאמענגיסונג פון צוויי טענער אין אקצענט; די צוזאמענגיסונג פון צוויי שטימען אזוי, אז מעהרערע טענער פון איין שטימע פאלען צוזאמען מיט איין טאן פון א צווייטער]; אונמאכט, חלשות.

syncop'ic *a.* (סינ-קאפ'-איק) וואס איז שייך צו א סינקאפע. ז *syncope*

syn'copist *n.* (סינ'-קא-פיסט) איינער וואס פערקירצט א ווארט, ארויסווארפענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע בוכשטאבען.

syncop'tic *a.* (סינ-קאפ'-טיק) אין מעדיצין — וואס איז שייך צו אונמאכט אדער חלשות.

syncret'ic *a. and n.* (סינ-קרעט'-איק) סינקרעטיש, פעראייניגענד פערשיעדענע פילאזאפישע שולען אדער רעליגיעזע סעקטען; וואס געהערט צו דער פעראייניגונג פון פערשיעדענע פילאזאפישע שולען אדער רעליגיעזע סעקטען; א סינקרעטיסט, איינער וואס שטרעבט צו פעראייניגען אדער צונויפגיסען פערשיעדענע סיסטעמען אדער לעהרען אין איין סיסטעם.

syn'cretise *v.* (סינ'-קרע-טאיז) ז. *syncretize*.

syn'cretism *n.* (סינ'-קרע-טיזם) סינקרעטיזם, א שטרעבונג צו פעראייניגען אויף א קינסטליכען אופן צוויי אדער עטליכע פערשיעדענארטיגע און אפט געגענזעצליכע פילאזאפישע סיסטעמען אדער רעליגיעזע לעהרען.

syn'cretist *n.* (סינ'-קרע-טיסט) א סינקרעטיסט, איינער וואס שטרעבט צו פעראייניגען פערשיעדענארטיגע און אפט געגענזעצליכע פילאזאפישע אדער רעליגיעזע סיסטעמען אין איין סיסטעם.

syncretis'tic *a.* (סינ-קרע-טיס'-טיק) סינקרעטיסטיש; וואס איז שייך צו סינקרעטיזם. ז. *syncretism*.

syn'cretize *v.* (סינ'-קרע-טאיז) סינקרעטיזירען, פעראייניגען אויף א קינסטליכען אופן פערשיעדענארטיגע סיסטעמען אדער לעהרען.

syn'crisis *n.* (סינ'-קרי-סיס) א רעטארישער זאץ, וואו ענטגעגענגעזעצטע זאכען אדער פערזאנען ווערען פערגליכען.

syndac'tyl *a. and n.* (סינ-דעק'-טיל) ביי וועמען די פינגער זיינען מעהר אדער ווייניגער פעראייניגט [ווי דורך דעם הייטעל ביי א שווים-פויגעל]; א חיה אדער פויגעל, ביי וועלכען די פינגער זיינען מעהר אדער ווייניגער צוזאמענגעוואקסען.

syndactyl'ic *a.* (סינ-דעק-טיל'-איק) מיט פעראייניגטע פינגער. ז. *syndactyl*.

syndac'tylism *n.* (סינ-דעק'-טי-ליזם) די פעראייניגונג אדער צוזאמענוואקסונג פון צוויי אדער עטליכע פינגער [ווי ביי געוויסע חיות און פויגלען].

syndac'tylous *a.* (סינ-דעק'-טי-לאס) ז. *syndactylic*.

syndesmog'raphy *n.* (סינ-דעס-מאג'-רע-פי) ז. *desmography*.

syndesmol'ogy *n.* (סינ-דעס-מאל'-א-דזשי) ז. *desmology*.

syn'dic *n.* (סינ'-דיק) דער סינדיקוס, דער בעפאלמעכטיגטער, דער פערטרעטער [פון א געמיינדע]; א מאגיסטראט; א פערוואלטער איבער די ענינים פון אן אוניווערזיטעט, פון א קאמפאניע א. ד. ג.; אין פראנצויזישער געזעצגעבונג — אן אויפזעהער איבער די געשעפטען פון א באנקראטירטער פירמע [ביי אידען דאס ווארט "סנדק" נעהמט זיך פון דעמזעלבינען ווארצעל און בעדייטעט די פארזיצענדע פערזאן ביי דער צערעמאניע פון א ברית].

syn'dical *a.* (סינ'-די-קעל) וואס איז שייך צו א סינדיקוס. ז. *syndic*

syn'dicalism *n.* (סינ'-די-קעל-איזם) סינדיקאליזם, א ריכטונג אין דער ארבייטער-בעוועגונג, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט אין פראנקרייך און אין אנדערע לענ-

דער. דער הויפט-פרינציפ פון סינדיקאליזם בעשטעהט אין דעם, אז דער ארבייטער-קלאס, ארגאניזירט אין טרייד-יוניאנס אדער — ווי אין פראנקרייך — סינדיקאטען, פיהרט א שטענדיגען רעוואלוציאנערען קאמפף געגען דער קאפיטאליסטישער ארדנונג זעלבסטשטענדיג [ניט אין פערבינדונג מיט קיין פאליטישער פארטיי] און דורך דירעקטער אקציאן [ז. *direct action*], ניט דורך געזעצגעבונג אין פארלאמענט.

syn'dicalist *n.* (סינ'-די-קעל-איסט) א סינדיקאליסט, אן אנהענגער פון סינדיקאליזם. ז. *syndicalism*

syn'dicate *n. and v.* (סינ'-די-קייט) א סינדיקאט, א פעראייניגונג פון פערזאנען אין אן אונטערנעהמונג אדער קאמפאניעס וואס פאדערט זעהר א גרויסען קאפיטאל; א פראפעסיאנעלער ארבייטער-פעראיין, א טרייד-יוניאן; דאס אמט אדער די ווירדע פון א סינדיקוס [ז. *syndic*]; פעראייניגען אין א סינדיקאט; רעגולירען דעם מארק-פרייז פון א געוויסער סחורה דורך א פעראייניגונג אין א סינדיקאט פון קאפיטאליסטען.

syndica'tion *n.* (סינ-די-קיי'-שאן) דאס אויסבילדען א סינדיקאט [א פראפעסיאנעלע פעראייניגונג פון קאפיטאליסטען אדער ארבייטער].

syn'drome *n.* (סינ'-דרא-מי) אין מעדיצין — דאס צוזאמענטרעפען זיך פון אלע סימפטאמען פון א קראנקהייט.

syndyas'mian *a.* (סינ-די-עס'-מי-ען) וואס איז שייך צו פארונג [פון חיות]; געשלעכטליך, וואס איז שייך צו פארונג אדער געשלעכטליכען צוזאמענלעבען [ביי חיות].

synec'doche *n.* (סי-נעק'-דא-קי) אין רעטאריק — די סינעקדאכע, אן אויסדרוקס-פארם, וואו א טייל ווערט געברויכט אנשטאט א גאנצע [ווי למשל, דאס ברויכען דאס ווארט "הענד" אנשטאט "ארבייטער"].

synecdoch'ical *a.* (סי-עק-דאק'-אי-קעל) סינעקדאכיש; וואס איז שייך צו א סינעקדאכע. ז. *synecdoche*

synecdoch'ically *adv.* (סי-עק-דאק'-אי-קעל-אי) אויף א סינעקדאכישען שטייגער; דורך סינעקדאכע. ז. *synecdoche*

synechi'a *n.* (סי-נע-קאי'-א) אין מעדיצין — די סינעכיע [א פערוואקסונג פון דער אירים מיט דער הארן-הויט אין אויג].

synecphone'sis *n.* (סי-נעק-פא-ני'-סיס) אין גראמאטיק — די צוזאמענציהונג פון צוויי זילבען אדער צוויי וואקאלען אין איינעם.

syned'rial *a.* (סי-נעד'-רי-על) וואס איז שייך צום סנהדרין. ז. *synedrion*

syned'rion *n.* (סי-נעד'-רי-אן) דער סנהדרין [דאס העכסטע געריכט ביי די פארצייטיגע אידען].

syned'rium *n.* (סי-נעד'-רי-אם) ז. *synedrion*

syner'esis *n.* (סי-נער'-ע-סיס) ז. *synæresis*

synerget'ic *a.* (סינ-ער-דזשעט'-איק) מיטווירקענד, בעהילפיג, ארבייטענד צוזאמען.

syn'ergism *n.* (סינ'-ער-דזשיזם) סינערגיזם [די טעאריע אין דער קריסטליכער טעאלאגיע, דאס דער מענש מוז אליין מיטווירקען צו דערגרייכען אייביגען גן עדן. דיעזע טעאריע בעציהט זיך אויף דער בעהויפטונג, דאס די מענשליכע נשמה האט ניט פערלארען איהרע נייגונגען צו הייליגקייט און זעליגקייט דורך דעם זינד-פאל פון אדם הראשון].

syn'ergist *n. and a.* (סינ'-ער-דזשיסט) א סינערגיסט, אן אנהענגער פון סינערגיזם; סינערגיסטיש, וואס איז שייך צו סינערגיזם. ז. *synergism*

synergis'tic *a.* (סינ-ער-דזשיס'-טיק) מיטווירקענד, ארבייטענד צוזאמען, בעהילפיג; סינערגיסטיש, וואס איז שייך צו סינערגיזם. ז. *synergism*

synergis'tical *a.* (סינ-ער-דזשיס'-טי-קעל) ז. *synergistic*

syn'ergy *n.* (סינ'-ער-דזשי) א צוזאמענווירקונג, א מיטווירקונג, א צוזאמענארבייטען.

Syngene'sia *n.* (סינ-דזשע-ני'-סי-א) די רעהרען-בייטעלדיגע בלומען [דער מין פלאנצען וואס זייער שטויב-בייטעל איז אויסגעוואקסען ווי א רעהרעל].

syngene'sian *a.* (סינ-דזשע-ני'-שען) וואס איז שייך אדער וואס געהערט צו די רעהרען-בייטעלדיגע בלומען.

Syng'nathus *n.* (סינג'-ניי-טהאס) דער מין נאדעל-פיש אדער ים-נאדלען [אזעלכע לאנגע שמאלע ים-פיש]. ז. *pipe-fish*

syn'graph *n.* (סינ'-גרעף) א געמיינזאם אונטערשריבענער דאקומענט, א קאנטראקט וואס איז אונטערגעשריבען פון ביידע צדדים.

synize'sis *n.* (סינ-אי-זי'-סיס) די פערשליסונג אדער אויסלעשונג פון דעם שווארץ-אפעל פון אויג [וואס פיהרט צו פאלשטענדיגער בלינדקייט]; אין גראמאטיק — די צוזאמענציהונג פון צוויי וואקאלען אין א ווארט צו בילדען פון זיי איין זילבע.

syn'ocha *n.* (סינ'-א-קא) אן אנהאלטענדער ענטצינדונגס-פיבער.

syn'ochus *n.* (סינ'-א-קאס) ז. *synocha*

syn'od *n.* (סינ'-אד) א סינאד, א רעליגיאנס-ראטה, א קירכען-ראטה; א צוזאמענקונפט, א קאנווענציאן, א בעראטונגס-פערזאמלונג; אין אסטראנאמיע — א צוזאמענטרעפונג פון צוויי אדער מעהרערע פלאנעטען אדער שטערען.

syn'odal *a. and n.* (סינ'-אד-על) סינאדיש, וואס געהערט צו א סינאד אדער צו א רעליגיאנס-ראטה; א קאנסטיטוציאן אנגענומען אויף א קירכען-ראטה.

synod'ic *a.* (סי-נאד'-איק) ז. *synodical*

synod'ical *a.* (סי-נאד'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א סינאד אדער צו א קירכען-ראטה; אין אסטראנאמיע — וואס איז שייך צו דער צונויפטרעפונג פון צוויי אדער מעהרערע פלאנעטען אדער שטערען.

synod'ically *adv.* (סי-נאד'-אי-קעל-אי) דורך דער מאכט אדער אויטאריטעט פון סינאד; אין א סינאד, אין א קירכען-ראטה.

synod'ical month (סי-נאד'-אי-קעל מאנטה) א סינאדישער מאנאט [די צייט וואס פערגעהט פון א בעשטימטער פאזע פון דער לבנה ביז זי קעהרט זיך אום צוריק צו דערזעלביגער פאזע, ווי פון איין ראש-חדש ביז צום אנדערען].

syn'odist *n.* (סינ'-אד-איסט) אן אנהענגער פון א סינאד אדער קירכען-ראטה.

syn'omosy *n.* (סינ'-א-מאו-סי) א געהיימע געזעלשאפט, א געשווארענע ברודערשאפט; א קאנספיראציע; א חברה קאנספיראטארס.

syn'onym *n.* (סינ'-א-נים) א סינאנים, א ווארט פון דערזעלביגער בעדייטונג; א ווארט וואס האט כמעט דיזעלביגע בעדייטונג וואס אן אנדער ווארט.

synon'yma *n.* (סי-נאנ'-אי-מא) סינאנימען. ז. *synonym*

syn'onyme *n.* (סינ'-א-נים) ז. *synonym*

synonym'ic *a.* (סינ-א-נימ'-איק) וואס איז סינאנים; וואס איז שייך צו א סינאנים אדער צו סינאנימען. ז. *synonym*

synonym'ical *a.* (סינ-א-נימ'-אי-קעל) ז. *synonymic*

synonym'ics *n.* (סינ-א-נימ'-איקס) ז. *synonymy*

synon'ymist *n.* (סי-נאנ'-אי-מיסט) א סינאנימיקער, איינער וואס זאמעלט און ערקלערט סינאנימען. ז. *synonym*

synonym'ity *n.* (סינ-א-נימ'-אי-טי) דאס זיין סינאנים, דאס אויסדריקען דעמזעלבען זין.

synon'ymize *v.* (סי-נאנ'-אי-מאיז) אויסדריקען אדער ערקלערען דורך סינאנימען, אויסדריקען מיט פערשיעדענע ווערטער פון דערזעלביגער בעדייטונג.

synon'ymous *a.* (סי-נאנ'-אי-מאס) סינאנים, פון דערזעלביגער בעדייטונג; וואס דריקט אויס דעמזעלבען געדאנק.

synon'ymously *adv.* (סי-נאנ'-אי-מאס-לי) מיט דערזעלביגער בעדייטונג, אין דעמזעלביגען זין, אויף דעם אופן פון א סינאנים.

synon'ymy *n.* (סי-נאנ'-אי-מי) דאס זיין סינאנים, דאס האבען דיזעלביגע בעדייטונג [ווענען פערשיעדענע ווערטער]; א זאמלונג פון סינאנימען [פערשיעדענע ווערטער, וואס האבען א גלייכע בעדייטונג]; דאס אויסדריקען א געדאנק דורך סינאנימען.

synop'ses *n.* (סי-נאפ'-סיז) סינאפסיסען, צוזאמענפאסענדע איבערזיכטען; קאנספעקטען. ז. *synopsis*

synop'sis *n.* (סי-נאפ'-סיס) א סינאפסיס, א צוזאמענפאסענדע איבערזיכט, א קיצור, א קורצע ווידערהאלונג; א קאנספעקט.

synop'tic *a. and n.* (סי-נאפ'-טיק) סינאפטיש, קורץ צוזאמענגעפאסט; וואס גיט א קורץ-געפאסטע איבערזיכט, א קצור אדער א קאנספעקט; איינער פון די סינאפטישע אדער קורץ-געפאסטע עוואנגעליומס; איינער פון די שרייבער פון די קורץ-געפאסטע עוואנגעליומס [ווי מארק, לוקום און מאטעאוס].

synop'tical *a.* (סי-נאפ'-טי-קעל) סינאפטיש, קורץ-געפאסט.

synop'tically *adv.* (סי-נאפ'-טי-קעל-אי) סינאפטיש, אויף א קורץ-געפאסטען אופן, אזוי ווי אין א קורצער איבערזיכט, בקיצור.

synop'tist *n.* (סי-נאפ'-טיסט) א סינאפטיסט, איינער פון די שרייבער פון די סינאפטישע אדער קורץ-געפאסטע עוואנגעליומס [ווי מאטעאוס, מארק און לוקום].

synoptis'tic *a.* (סי-נאפ-טיס'-טיק) סינאפטיש, קורץ-געפאסט; וואס איז שייך צו א סינאפטיסט. ז. *synoptist*

synosteog'raphy *n.* (סי-נאס-טי-אג'-רע-פי) די בעשרייבונג אדער אבהאנדלונג וועגען די געלענקען.

synosteol'ogy *n.* (סי-נאס-טי-אל'-א-

דזשי) די וויסענשאפט וועגען די געלענקען פון קערפער.

synosteo'sis *n.* (סי-נאס-טי-או'-סיס) די פעראייניגונג דורך ביינער, די צונויפוואקסונג פון ביינער.

Syno'tus *n.* (סי-נאו'-טאס) א מין פלעדערמייז מיט לאנגע אויערען.

syno'via *n.* (סי-נאו'-ווי-א) דער געלענקען-שליים, דער גליעדער-זאפט [די פייכטקייט וואס געפינט זיך צווישען די געלענקען פון קערפער].

syno'vial *a.* (סי-נאו'-ווי-על) וואס איז שייך צום גליעדער-זאפט, וואס ענטהאלט גליעדער-זאפט אדער געלענקען-שליים.

syntac'tic *a.* (סינ-טעק'-טיק) אין גראמאטיק — סינטאקטיש, וואס איז שייך צו סינטאקסיס [די לעהרע ווי עס דארפען צונויפגעשטעלט ווערען די ווערטער אין זעצע].

syntac'tical *a.* (סינ-טעק'-טי-קעל) ז. *syntactic*

syntac'tically *adv.* (סינ-טעק'-טי-קעל-אי) לויט סינטאקסיס, אין איינקלאנג מיט סינטאקסיס. ז. *syntax*

syn'tax *n.* (סינ'-טעקס) סינטאקסיס, זאץ-לעהרע [די אבטיילונג פון גראמאטיק, וועלכע לערענט ווי צוזאמענצושטעלען ווערטער אין זעצע].

syntere'sis *n.* (סינ-טי-רי'-סיס) די פערהיטענדע בעהאנדלונג פון קראנקהייטען. ז. *prophylaxis*

synteret'ic *a.* (סינ-טי-רעט'-איק) וואס פערהיט אדער ערהאלט דאס געזונד, וואס פערהיט פון א קראנקהייט.

synteret'ics *n.* (סינ-טי-רעט'-איקס) היגיענע. ז. *hygiene*

syntex'is *n.* (סינ-טעק'-סיס) אבמאגערונג פון קערפער, אויסצעהרונג, אבצעהרונג.

synther'mal *a.* (סינ-טהויר'-מעל) וואס האט דיזעלביגע טעמפעראטור.

syn'thesis *n.* (סינ'-טהע-סיס) א סינטעזע, א צוזאמענזעצונג, א פעראייניגונג פון בעזונדערע עלעמענטען אין איין גייער פארם; אין לאגיק — די סינטעזע, די פעראייניגונג פון איינפאכע זעצע אדער בעגריפען אין א נייעם העכערען בעגריף; דאס ציהען דעם לאגישען שלוס פון אן אנגענומענעם פרינציפ, דאס ארויספיהרען א פרט פון א כלל; אין גראמאטיק — דאס פעראייניגען אין איין ווארט דעם ווארצעל פון א ווארט מיט זיינע פארמאטיווע טיילען [די טיילען, וועלכע גיבען צו דעם ווארט א בעשטימטע גראמאטיקאלישע פארם]; אין כעמיע — די אויסבילדונג פון א כעמישען קערפער דורך דער צוזאמענזעצונג פון זיינע בעזונדערע בעשטאנדטיילען [ווי די אויסבילדונג פון וואסער דורך דער צוזאמענזעצונג פון וואסערשטאף מיט זויער-שטאף]; אין כירורגיע — דאס צוזאמענשטעלען אדער דאס פעראייניגען די צובראכענע אדער פאנאנדערגעטיילטע טיילען פון אן אבר; אין אקוסטיק — קאמבינירען אדער פעראייניגען צוויי אדער עטליכע קלאנגען פון פערשיעדענער שטארקייט.

syn'thesize *v.* (סינ'-טהע-סאיז) פערבינדען, פעראייניגען, מאכען א סינטעזיס. ז. *synthesis*

synthet'ic *a.* (סינ-טהעט'-איק) סינטהעטיש, צוזאמענזעצענד, פערבינדענד, פעראייניגענד. ז. *synthesis*

synthet'ical *a.* (סינ-טהעט'-אי-קעל) ז. *synthetic*

synthet'ically *adv.* (סינ-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א סינטהעטישען אופן, צוזאמענזעצענדיג, פעראייניגענדיג, פערבינדענדיג. ז. *synthesis*

synthet'ic meth'od (סינ-טהעט'-איק מעטה'-אד) די סינטהעטישע מעטאדע [די מעטאדע ארויסצוגעהן פון אלגעמיינע פרינציפען און ארויסצודרינגען פון זיי די שלוס-פאלגערונגען].

synthet'ic philos'ophy (סינ-טהעט'-איק פי-לאס'-א-פי) די סינטעטישע פילאזאפיע, די פילאזאפיע פון הערבערט ספענסער, וועלכע שטרעבט אויסצוגעפינען איין גרונד-פרינציפ, וואס זאל זיין דער פונדאמענט פון אלע געזעצען פון די איינצעלנע וויסענשאפטען, ווי פיזיק, כעמיע, ביאלאגיע, פסיכאלאגיע, סאציאלאגיע און עטהיק. דיעזער גרונד-פרינציפ — דאס איז די עוואלוציאן, די לאנגזאמע ענטוויקלונג פון די איינפאכסטע פארמען ביז די קאמפליצירטעסטע. דיעזע ענטוויקלונג קומט פאר אין א צווייענדיגער ריכטונג. דער איינפאכער און איינפערמיגער שטאף, פון וועלכען די וועלט האט זיך אנגעהויבען, ווערט אלץ מעהר דיפערענצירט, ד. ה. ער טיילט זיך און ווערט אלץ מעהר פערשיעדענארטיג און פערשיעדענפערמיג. נאר אין דערזעלבער צייט ווי עס וואקסט אט די דיפערענצירונג, וואקסט פון דער אנדערער זייט די אינטעגרירונג, ד. ה. די צוזאמענבינדונג פון פערשיעדענארטיגע טיילען און פארמען אין איין ארגאנישען גאנצען.

synton'ic *a.* (סינ-טאנ'-איק) ז. *syntonous*

syn'tonous *a.* (סינ'-טא-נאס) אין מוזיק — שארף, דורכדרינגענד.

syntrop'ic *a.* (סינ-טראפ'-איק) וואס דרעהט זיך אין דערזעלבער ריכטונג.

sy'pher-joint *n.* (סאי'-פער-דזשאינט) א פערבינדונג פון צוויי ברעטער-ענדען דורך אריבערלעגען איינעם אויף דעם אנדערען.

syph'ilis *n.* (סיפ'-אי-ליס) סיפילים, פראנצען [א ווענערישע קראנקהייט].

syphilit'ic *a.* (סיפ-אי-ליט'-איק) סיפיליטיש, אנגעשטעקט מיט סיפילים אדער פראנצען; וואס איז שייך צו סיפילים.

syphiliza'tion *n.* (סיפ-אי-לי-זיי'-שאן) די היילונג אדער פערהיטונג פון סיפילים דורך איינשפריצונגען פון סיפילים-גיפט אין קערפער אום איהם צו מאכען אונעמפפינדליך פאר די סיפילים-באצילען.

syph'ilize *v.* (סיפ'-אי-לאיז) איינשפריצען סיפילים-גיפט אין קערפער אלס רפואה געגען סיפילים.

syphilog'raphy *n.* (סיפ-אי-לאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון סיפילים.

syph'iloid *a.* (סיפ'-אי-לאיד) עהנליך צו סיפילים.

syphilol'ogy *n.* (סיפ-אי-לאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען סיפילים.

sy'phon *n.* and *v.* (סאי'-פאן) ז. *siphon*

syphon'ic *a.* (סאי-פאנ'-איק) ז. *siphonic*

sy'ren *n.* and *a.* (סאי'-רען) ז. *siren*

Syr'ia *n.* (סיר'-אי-א) דאס לאנד סיריען [אין אזיען].

Syr'iac *a.* and *n.* (סיר'-אי-עק) סיריש; וואס איז שייך צו דער סירישער שפראך אדער צו סיריען; די סירישע שפראך [איז עהנליך צו אראמיש אדער כאלדעאיש].

Syr'iacism *n.* (סיר'-אי-ע-סיזם) די אייגענטימליכקייטען פון דער סירישער שפראך, א סירישער אידיאם [אייגענטימליכער אויסדרוק].

Syr'ian *a.* and *n.* (סיר'-אי-ען) סיריש, וואס איז שייך צו סיריען; א סיריער, א געבארענער אדער איינוואהנער פון סיריען.

Syr'ianism *n.* (סיר'-אי-ענ-איזם) ז. *Syriacism*

Syr'iarch *n.* (סיר'-אי-ארק) דער הויפט-פריסטער פון סיריען, ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון דער רוימישער אימפעריע.

syrin'ga *n.* (סי-רינ'-גא) דער ווילדער יאסמין [אזא בוימעל מיט גרויסע ווייסע בלומען פון זעהר א שטארקען אראמאט]; דער טערקישער פליעדער [אזא בוימעל וואס זיינע בלעטער און בליהונג ווערען בענוצט אין מעדיצין].

syr'inge *n.* and *v.* (סיר'-אינדזש) א שפריצער; א קליינע פומפ; שפריצען; איינשפריצען.

syr'ingeful *n.* (סיר'-אינדזש-פול) אזוי פיעל וויפיעל א שפריצער קען אין זיך אריינגעהמען.

syringi'tis *n.* (סיר-אינ-דזשאי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם אויסטאכישען ראהר. ז. *syrinx*

syringot'omy *n.* (סיר-אינ-גאט'-א-מי) דער פיסטעל-שניט, די אויסשניידונג פון א פיסטעל. ז. *fistula*

syr'inx *n.* (סיר'-אינקס) דער אויסטאכישער ראהר [דער ראהר ביי א קינד אין מוטער'ס בויך, וואס פערבינדעט דעם אויער מיט דעם מויל]; דער שטים-ארגאן ביי א פויגעל; א פיסטעל [ז. *fistula*]; א פאסטוך-פייפעל.

syr'tic *a.* (סויר'-טיק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א זאמד-באנק [אין ים].

syr'tis *n.* (סויר'-טיס) א זאמד-באנק [אין ים].

syr'up *n.* and *v.* (סיר'-אפ) סיראפ; צוקער-זאפט; צוקער-וואסער; בעשמיערען מיט סיראפ; זיס מאכען דורך סיראפ.

syr'upy *a.* (סיר'-אפ-אי) סיראפדיג.

syssarco'sis *n.* (סיס-אר-קאו'-סיס) א פלייש-פערבינדונג, די פערבינדונג פון איין ביין מיט דעם אנדערען דורך מוסקולען.

systal'tic *a.* (סיס-טעל'-טיק) צוזאמענציהענד און פאנאנדערציהענד, פולסירענד [ווי דאס הארץ].

sys'tem *n.* (סיס'-טעם) א סיסטעם; א פלאן; אן ארדנונג; א סדר, א שטה, א מעטאדע; אין וויסענשאפט און פילאזאפיע — א זאמלונג פון פרינציפען און פאקטען וועלכע זיינען לאגיש פערבונדען צווישען זיך; א גאנצעס וואס איז צונויפגעשטעלט פון א רייה בעשטאנדטיילען; א צוזאמענשטעלונג; דאס געבוי אדער די צונויפשטעלונג פון קערפער.

systemat'ic *a.* (סיס-טע-מעט'-איק) סיסטעמאטיש, וואס איז מיט א סיסטעם אדער ארדנונג, מעטאדיש; וואס איז שייך צו דעם וועלט-סיסטעם אדער צו דער וועלט-ארדנונג.

systemat'ical *a.* (סיס-טע-מעט'-אי-קעל) ז. *systematic*

systemat'ically *adv.* (סיס-טע-מעט'-אי-קעל-אי) מיט א סיסטעם, מיט אן ארדנונג, מיט א סדר; סיסטעמאטיש, לויט א בעשטימטער שטה אדער מעטאדע.

systematisa'tion *n.* (סיס-טע-מעט-אי-זיי'-שאן) ז. ***systematization***

sys'tematise *v.* (סיס'-טעמ-ע-טאיז) ז. ***systematize***

sys'tematism *n.* (סיס'-טעמ-ע-טיזם) סיסטעמאטיזירונג, דאס צונויפשטעלען אין א סיסטעם, סיסטעמאטישקייט.

sys'tematist *n.* (סיס'-טעמ-ע-טיסט) א סיסטעמאטיקער, איינער וואס בילדעט א סיסטעם, איינער וואס איז א קענער אין די סיסטעמען אדער קלאסיפיקאציאנען פון נאטור-געשיכטע; איינער וואס האלט זיך אן א סיסטעם; א צו-גרויסער מקפיד אויף פארמאליטעטען.

systematiza'tion *n.* (סיס-טע-מעט-אי-זיי'-שאן) די סיסטעמאטיזירונג, דאס ברייננען אין א סיסטעם, דאס ברייננען אין אן ארדנונג.

sys'tematize *v.* (סיס'-טעמ-ע-טאיז) סיסטעמאטיזירען, ברייננען אין א סיסטעם, ברייננען אין א וויסענשאפטליכער ארדנונג.

sys'tematizer *n.* (סיס'-טעמ-ע-טאי-זער) א סיסטעמאטיזירער, איינער וואס ברייננט אין א סיסטעם.

systematol'ogy *n.* (סיס-טעמ-ע-טאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען אויפשטעלען סיסטעמען אדער פון סיסטעמאטיזירונג.

system'ic *a.* (סיס-טעמ'-איק) סיסטעמאטיש, מיט ארדנונג; וואס געהערט צו א סיסטעם; וואס געהערט צום געבוי אדער צו דער צוזאמענשטעלונג פון קערפער.

system'ically *adv.* (סיס-טעמ'-אי-קעל-אי) לויט א סיסטעם; אין דער גאנצער קערפער-סיסטעם, אין גאנצען קערפער.

systemiza'tion *n.* (סיס-טעמ-אי-זיי'-שאן) ז. ***systematization***

sys'temize *v.* (סיס'-טעמ-איז) ז. ***systematize***

sys'temizer *n.* (סיס'-טעמ-אי-זער) ז. ***systematizer***

sys'temless *a.* (סיס'-טעמ-לעס) סיסטעמלאז, אהן א סיסטעם.

sys'tem-ma'ker *n.* (סיס'-טעמ-מיי'-קער) א סיסטעמען-מאכער, א סיסטעמען-פאבריצירער.

sys'tem-mon'ger *n.* (סיס'-טעמ-מאנ'-גער) א סיסטעמען-פאבריצירער.

sys'tole *n.* (סיס'-טא-לי) די רעגולערע צונויפציהונגען פון הארץ צוליעב וועלכער דאס בלוט ווערט געטריבען אין די פערשיעדענע קערפער-טיילען; אין גראמאטיק — די פערקירצונג פון א לאנגער זילבע.

systol'ic *a.* (סיס-טאל'-איק) וואס איז שייך צו דער צוזאמענציהונג פון הארץ; וואס איז שייך צו דער פערקירצונג פון א זילבע.

sys'tyle *a.* (סיס'-טאיל) אין ארכיטעקטור — וואס איז מיט זיילען, וועלכע שטעהען נאהנט איינער צום אנדערען.

syzyget'ic *a.* (סיז-אי-רזשעט'-איק) אין מאטעמאטיק — וואס איז שייך צו א לינעאלער בעציהונג אדער צו א לינעארען אויסדרוק [אן אויסדרוק וואס ווערט פארגעשטעלט דורך א ליניע].

syz'ygy *n.* (סיז'-אי-דזשי) אין אסטראנאמיע — די צוזאמענטרעפונג פון א פלאנעט מיט דער זון אדער די צוזאמענטרעפונג פון צוויי שטערען אין איין מערידיאן-ליניע אין גענענגעזעצטע פונקטען; אין מאטעמאטיק — א לינעארע בעציהונג אדער פונקציאן; אין דער גריכישער פאעזיע — א קאמבינאציאן אדער גרופע פון צוויי פערזען-פים.

T

T, t (טי) דער צוואנצינסטער בוכשטאב פון דער ***a-b-c***

tab *n.* (טעב) א רעכנונג; א לעפעל; א שוך-אויערעל; א נאכהענגענדער טייל פון עפעס; א נאכהענגענדער ארבעל [פון א קינדערשען יאקעל].

tabaco'sis *n.* (טעב-ע-קאו'-סיס) א כראנישע טאבאק-פערגיפטונג [קומט פון איינאטעמען טאבאק-שטויב].

taba'nus *n.* (טע-ביי'-נאס) די פיה-פליעג, די פערד-פליעג. ז. ***gadfly***

tab'ard *n.* (טעב'-ארד) אזא פארצייטיגער מאנטעל פון גראבען שטאף; א וואפען-ראק [א מאנטעל מיט קורצע ארבעל וואס די מיטעלאלטערליכע ריטער פלעגען טראגען איבער די וואפען]; א העראלד-ראק [א מאנטעל אהן ארבעל וואס עס פלעגען טראגען די מיטעלאלטערליכע העראלדען].

tab'arder *n.* (טעב'-אר-דער) א טרעגער פון אזא מיטעלאלטערליכען מאנטעל; א ריטער, א העראלד. ז. ***tabard***

tab'aret *n.* (טעב'-ע-רעט) א מין געשטרייפטער זיידענער מעבעל-שטאף.

tabas'co *n.* (טע-בעס'-קאו) א שארפער שמעקענדער סאוס געמאכט פון שפאנישען פעפער; די זאמען פון שפאנישען פעפער.

tabasheer' *n.* (טעב-ע-שיער') באמבוס-זאפט אדער באמבוס-צוקער [אזא קראכמאל-עהנליכער שטאף אין באמבוס-בוימער].

tabashir' *n.* (טעב-ע-שיער') ז. ***tabasheer***

tab'binet *n.* (טעב'-אי-נעט) אזא האלב-וואלענער, האלב-זיידענער מעבעל-שטאף.

tab'by *n., a. and v.* (טעב'-אי) מארע אדער מאאר, א וועלענארטיגער זיידען-שטאף; א שימערענדער, וועלענארטיגער שטאף; א קאץ [א "זוי"]; א געשטרייפטע אדער גרוי-געפלעקטע קאץ; אן אלטע מויד; א רכילות'ניצע; א געמיש פון קאלך, זאמד און שטיינדלעך [פון וועלכען מען מאכט א מין ציגעל]; שימערענד; וועלענארטיג; געפלעקט, געשטרייפט; געמאכט פון א וועלענארטיגען שטאף; צוגעבען א וועלענארטיגען אויסזעהן [וועגען צייג].

tab'by-cat' *n.* (טעב'-אי-קעט') א געשטרייפטע אדער גרוי-געפלעקטע קאץ; א קאץ [א "זוי"].

tabefac'tion *n.* (טעב-אי-פעק'-שאן) אויסצעהרונג, שווינדזוכט.

tab'efy *v.* (טעב'-אי-פאי) 1. אויסצעהרען, אבצעהרען; 2. אויסגעצעהרט ווערען.

1. Meat eaten in great quantities **tabefies** the body.

tabel'lion *n.* (טע-בעל'-יאן) א שרייבער, א נאטאריוס [אין אלטען רוים און פארצייטענס אין פראנקרייך].

taber'na *n.* (טע-בויר'-נא) אין פארצייטינען רוים — א געצעלט, א בודע, א שטעל, א קראם, א ווערקשטאט.

tab'ernacle *n. and v.* (טעב'-ער-נעקל) א געצעלט א סוכה, א פאוויליאן, א ביידעל; דער אהל מועד [דאס הייליגע געצעלט ביי די אידען אין משה'ס צייטען]; א וואהנונג, אן אויפהאלטונגס-ארט, א צייטווייליגע וואהנונג; דער מענשליכער קערפער [אלס צייטווייליגער אויפהאלטונגס-פלאץ פאר דער נשמה]; א געבעט-הויז; א קירך; א טאבערנאקעל [א קעמערעל פאר'ן הייליגען ברויט אין די קאטוילישע קירכען]; צייטווייליג וואהנען אדער זיך אויפהאלטען.

tab'ernacle-work *n.* (טעב'-ער-נעקל-הוואירק) גיטער-ווערק, נעץ-ווערק; א מיטעלאלטערליכער בוי-סטיל, וועלכער האט פארגעשטעלט ווי א רייה טאבערנאקעלס [בעציערטע קעמערלעך פאר'ן הייליגען ברויט אין די קאטוילישע קירכען].

tabernac'ular *a.* (טעב-ער-נעק'-יו-לאר) געצעלט-פערמיג, ווי א געצעלט; וואס איז שייך צו א געצעלט אדער צו א גאטעס-הויז; וואס איז שייך צום אהל מועד; וואס איז שייך צו א טאבערנאקעל; רייך בעציערט [וועגען געביידען]. ז. ***tabernacle***

taber'næ *n.* (טע-בויר'-ניע) געצעלטען; בודען; שטעלען. ז. ***taberna***

ta'bes *n.* (טיי'-ביעז) אויסצעהרונג, סוכאטע, שווינדזוכט; שווינדזוכט פון רוקען-מארך.

tabes'cence *n.* (טע-בעס'-ענס) אויסצעהרונג; אבצעהרונג; אבגעצעהרטקייט; סוכאטע, שווינדזיכטינקייט.

tabes'cent *a.* (טע-בעס'-ענט) וואס ליידט פון אויסצעהרונג, שווינדזיכטיג.

tabet'ic *a. and n.* (טע-בעט'-איק) שווינדזיכטיג; וואס האט אויסצעהרונג [פון רוקען-מארך]; איינער וואס ליידט פון אויסצעהרונג אדער סוכאטע; א שווינדזיכטינער; איינער וואס ליידט פון שווינדזוכט פון רוקען-מארך.

tab'ic *a.* (טעב'-איק) שווינדזיכטיג; וואס איז שייך צו אדער וואס ליידט פון סוכאטע, אויסצעהרונג אדער שווינדזוכט [פון רוקען-מארך].

tab'id *a.* (טעב'-איד) אבגעצעהרט; שווינדזיכטיג.

For a **tabid** person milk is the best restorative.

tab'idly *adv.* (טעב'-איד-לי) אויף א שווינדזיכטינען אדער אויסצעהרענדען אופן.

tab'idness *n.* (טעב'-איד-נעס) אבגעצעהרטקייט, אויסצעהרונג; שווינדזיכטינקייט.

tabif'ic *a.* (טע-ביפ'-איק) אויסצעהרענד.

tab'inet *n.* (טעב'-אי-נעט) ז. ***tabbinet***

tab'itude *n.* (טעב׳-אי-טיוד) אבגעצעהרטקייט.

tab'lature *n.* (טעב׳-לע-טשור) טאבלאטור, טאבולאטור, וואנד־מאלעריי; דעקען־מאלעריי, פרעסקען; א פארצייטיגע נאטען־בעצייכנונג דורך בוכשטאבען און ציפערען אנשטאט נאטען; אין אנאטאמיע — די פאנאנדערטיילונג פון דעם שארבען אויף די ביינער־פלאטען.

ta'ble *n., a. and v.* (טייבל) 1. א טיש; א ברעט, א טאפעל, א טאוועל; א לוח, א פלאטע; א שפיעל־ברעט; אן אבדאך; א געזימס; איינער פון די ביינער־פלאטען פון דעם שארבען; א בעצייערטע מצבה אדער א געוועלבטע געבוידע איבער א קבר; 2. טיש־דעקונג, שפייזען; קעסט; 3. א טיש־קאמפאניע [צום עסען, שפיעלען א. ז. וו.]; 4. אן אפיציעלע קערפערשאפט; 5. א פלעכע, א פלאכע געגענד; 6. די האנד־פלעכע [דלאניע]; 7. אן אויפשריפט אדער צייכנונג אויף א פלאטע אדער פלעכע; 8. א טאבעלע, א ליסטע, א קאטאלאג, א צעטעל, א רעגיסטער; א צעטעל פון קורצע אויסציגע אדער איינצעלהייטען; 9. וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א טיש; ענהליך צו א טיש [אין פארם]; 10. מאכען א טאבעלע אדער ליסטע; 11. ארויסלעגען אויף׳ן טיש, בעצאהלען אויף׳ן ארט; 12. אבלעגען אויף דערוייל [א פראגע, א רעזאלוציאן א. ז. וו.]; 13. איינפעסטיגען צוויי ברעטער; 14. זיין אויף קעסט, זיך שפייזען.

2. She always keeps a good table. 4. The Hungarian Diet is divided into the Table of Magnates and the Table of Deputies. 7. The two tables of the law. 8. The child studies the multiplication table. 12. The resolution was tabled by a unanimous vote.

tableau' *n.* (טעב-לאו׳) א בילד, א בילדליכע פארשטעלונג; א לעבעדיג בילד [א סצענע אדער בילד פארגעשטעלט פון מענשען אין געוויסע פאזיציאנען]; א טאבעלע, א קאטאלאג, א ליסטע, א צעטעל.

tableau' vivant' (טעב-לאו׳ ווי-וואן׳) א לעבעדיג בילד [א בילד אדער סצענע פארגעשטעלט פון מענשען אין געוויסע פאזיציאנען].

ta'ble beer (טייבל ביער) טיש־ביער [א שוואכער ביליגער ביער פאר טיש־געברויך].

ta'ble-board *n.* (טיי׳בל-באורד) א שפיעל־ברעט; א טיש; קעסט [אהן לאזשי אדער קווארטיר].

ta'ble-book *n.* (טיי׳בל-בוק) א נאטיץ־בוך, אן אנמערקונגס־בוך; א בוך מיט מאטעמאטישע טאבעלען; א בוך וואס ליעגט אויף׳ן טיש [פאר געסט זיי זאלען האבען אין וואס ארייצוקוקען, אום זיי זאלען זיך ניט לאנגוויילען].

ta'ble-chair *n.* (טיי׳בל-טשעהר) אזא פארצייטיגער שטוהל, וועלכער האט געקענט פערוואנדעלט ווערען אין א טיש, ווען מען האט אראבגעבויגען דעם לעהן.

ta'ble-cloth *n.* (טיי׳בל-קלאהטה) א טישטוך; א טיש־דעק.

ta'ble-clo'thing *n.* (טיי׳בל-קלאו׳-טהינג) ז. *table-linen*

ta'ble-cov'er *n.* (טיי׳בל-קאוו׳-ער) א טיש־דעקע.

ta'ble-cut *n. and a.* (טיי׳בל-קאט) א געוויסע פארם פון שלייפען עדעלשטיינער [ווי דימענטען, רובינען א. ד. ג.], וואו די פאדערשטע זייט פון שטיין ווערט אבגעשליפען מיט א ברייטער פלעכע און די איבריגע זייטען מיט קליינע, מייסטענס דרייעקיגע, פלעכען; וואס האט א גרויסע אבגעשליפענע פלעכע אויף דער פאדערשטער זייט [ווענען אן עדעלשטיין].

ta'ble cut'lery (טייבל קאט׳-לער-אי) גאפעל־מעסער וואס ווערט געברויכט ביים טיש.

ta'ble d'hôte (טאבל דאוט) טאבעל־דא, א געמיינשאפטליכער שפייז־טיש אין א האטעל אדער גאסט־הויז; א פאלשטענדיגער רעגעלמעסיגער מאהלצייט אין א האטעל אדער רעסטאראן [אין גענענזאץ צו א מאהלצייט וואס א בעזוכער קלייבט זיך אליין אויס].

ta'ble d'hôte din'ner (טאבל דאוט דינ׳-ער) א רעגעלמעסיגער, פאלשטענדיגער אנבייסען אין א האטעל אדער רעסטאראן [אין גענענזאץ צו אן אנבייסען וואס א בעזוכער קלייבט זיך אליין אויס].

ta'ble-di'amond *n.* (טיי׳בל-דאי׳-מאנד) א דימענט וואס זיין פאדערשטע זייט איז געשליפען מיט א ברייטער פלעכע.

ta'ble-draw'er *n.* (טיי׳בל-דראה׳-ער) א טיש־קעסטעל, א שופלאד.

ta'ble entertain'ment (טייבל ענ-טער-טיין׳-מענט) א טיש־פארשטעלונג [א פארשטעלונג פון א זינגער, דעקלאמאטאר א. ז. וו. ניט אויף א ביהנע, נאר ביי א טיש צווישען עולם].

ta'bleful *n.* (טיי׳בל-פול) א פולער טיש [אזוי פיעל זאכען וויפיעל עס קענען זיך אויסשטעלען אויף א טיש אדער אזוי פיעל מענשען וויפיעל עס קענען זיך אויסזעצען ארום א טיש].

ta'ble glass (טייבל גלעס) טיש־גלאז [גלעזערנע כלים צום טיש־געברויך].

ta'ble-grin'der *n.* (טיי׳בל-גראינ׳-דער) אזא שלייף־ברעט אדער שלייף־באנק.

ta'ble-land *n.* (טיי׳בל-לענד) הויכעס און פלאכעס לאנד. ז. *plateau*

ta'ble-leaf *n.* (טיי׳בל-ליעף) א טיש־קלאפע [א הענגענדעס ברעט ביים ברעג פון א טיש, וואס הויבט זיך אויף, ווען מען וויל מאכען דעם טיש גרעסער]; אן איינזאץ־ברעט אין א טיש וואס קען זיך פאנאנדעררוקען.

ta'ble-lif'ting *n.* (טיי׳בל-ליפ׳-טינג) דער קונץ צו מאכען, אז א טיש זאל זיך אויפהויבען, ווען מען לעגט אויף איהם ארויף די הענד [ווי דאס ווערט פראקטיצירט פון ספיריטיסטען].

ta'ble-line *n.* (טיי׳בל-לאין) אזא אדער אין דער האנד־פלעכע [דלאניע].

ta'ble-lin'en *n.* (טיי׳בל-לינ׳-ען) טיש־וועש, טיש־צייג [ווי טישטיכער, סערוועטלעך א. ז. וו.].

ta'blement *n.* (טיי׳בל-מענט) א פונדאמענט־שטיין [ווי פון א זייל].

ta'ble-mon'ey *n.* (טיי׳בל-מאנ׳-אי) טיש־געלד [אן עקסטרא סומע געלד וואס ווערט ארויסגעגעבען צו די העכערע בעאמטע פון דער ענגלישער ארמעע און פלאטע פאר אפיציעלע אונטערהאלטונגען; געצאהלט פאר דעם געברויך פון דעם עס־צימער אין א קלוב].

ta'ble moun'tain (טייבל מאונ׳-טיין) א בארג מיט א פלאכען שפיץ.

ta'ble-mo'ving *n.* (טיי׳בל-מוה׳-ווינג) ז. *table-tipping*

ta'ble of contents' (טייבל אוו קאנ-טענטס׳) אינהאלטס־פערצייכניס.

ta'bler *n.* (טיי׳-בלער) א קעסטניק, א קעסט־קינד; איינער וואס האלט קעסטניקעס, א קעסט־געבער; א שאך־ברעט.

ta'ble-rap'ping *n.* (טיי׳בל-רעפ׳-אינג) דאס קלאפען פון ארויסגערופענע גייסטער אויף׳ן טיש [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

ta'ble-rent *n.* (טיי׳בל-רענט) א שטייער פאר דער הויז־ווירטשאפט פון א בישאף און אנדערע גייסטליכע [פארצייטענס אין ענגלאנד].

ta'ble-saw *n.* (טיי׳בל-סאה) א לאך־זעג אדער שפיץ־זעג. ז. *compass-saw*

ta'ble-ser'vice *n.* (טיי׳בל-סויר׳-וויס) א טיש־סערוויז, טיש־געשיר, טיש־געפעס.

ta'ble-shore *n.* (טיי׳בל-שאור) א נידריגער, פלאכער ברעג.

ta'ble-spar *n.* (טיי׳בל-ספאר) דער שאל־שטיין [אזא מינעראל].

ta'ble-spoon *n.* (טיי׳בל-ספוהן) אן עס־לעפעל.

ta'ble-spoon'ful *n.* (טיי׳בל-ספוהנ׳-פול) אן עס־לעפעל־פול [אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין אן עס־לעפעל].

tab'let *n. and v.* (טעב׳-לעט) א טאוועלע, א קליינע פלאטע [הויפטזעכליך מיט אן אויפשריפט]; א בלעטעל פון א נאטיץ־ביכעל, א נאטיץ־ביכעל [געמאכט פון א הארטען שטאף ווי למשל, פון שיפער]; א טאבלעטקע, א פלאטקע [ווי פון שאקאלאד, מעדיצין א. ז. וו.]; איינער פון די ביינער־פלאטען פון דעם קאפ־שארבען; איינפרעסען פלאך, מאכען אין דער פארם פון א טאוועלע אדער טאבלעטקע [ווי למשל, א מעדיצין].

ta'ble-talk *n.* (טיי׳בל-טאהק) א טיש־געשפרעך.

ta'ble-talk'er *n.* (טיי׳בל-טאהק׳-ער) א טיש־רעדנער, א טיש־אונטערהאלטער.

ta'ble-tip'ping *n.* (טיי׳בל-טיפ׳-אינג) דאס דרעהען אדער בעוועגען א טיש דורך ארויסגערופענע גייסטער [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

ta'ble-tomb *n.* (טיי׳בל-טוהם) א טיש־ענהליכער קבר, א קבר צוגעדעקט מיט א מצבה [ביי די פארצייטיגע רוימער].

ta'ble-topped *a.* (טיי׳בל-טאפט) מיט א פלאכען אויבערשטען טייל.

tab'lets *n.* (טעב׳-לעטס) א נאטיץ־ביכעל; קליינע טאוולען אדער פלאטען. ז. *tablet*

tab'lette *n.* (טעב׳-לעט) א טאוועלע, א קליינע פלאטע; א טאבלעטקע, א פלאטקע. ז. *tablet*

ta'ble-tur'ning *n.* (טיי׳בל-טויר׳-נינג) ז. *table-tipping*

ta'bleware *n.* (טיי׳בל-הוועהר) טיש־געשיר, טיש־געפעס.

ta'ble-work *n.* (טיי׳בל-הוואירק) טאבעלען־דרוק, טאבעלען־זאץ.

tabli'na *n.* (טעב-לאי׳-נא) פאמיליען־ארכיוען [ביי די פארצייטיגע רוימער]. ז. *tablinum*

ta'bling *n.* (טיי׳-בלינג) אן אבדאך, א געזימס; לייוונט פאר טיש־וועש; דער זוים פון א זעגעל; אין אנאטאמיע — טאבלאטור [ז. *tablature*].

tabli'num *n.* (טעב-לאי׳-נאם) א פאמיליען־ארכיוו [ביי די פארצייטיגע רוימער].

taboo' *n., a. and v.* (טע-בוה׳) טאבו [ביי די פאלינעזער און אנדערע איינוואהנער פון די פאסיפישע אינזלען — א חרם, א פערבאט, דאס ערקלערען א זאך אדער פערזאן אלס הייליג אדער אלס פערבאטען]; א פערבאט, א חרם; וואס איז פערבאטען; אונטער א חרם; אונטער דעם חרם פון טאבו; ארויפלעגען א טאבו: ארויפלעגען א חרם; פערבאטען.

ta'bor *n. and v.* (טיי׳-באר) א טאמ־

בוריז, א האנד־פייקל; א טאבאר [ביי די פארצייטיגע וואנדערנדע טערקען און סלאוועו — א בעפעסטיגונג געמאכט פון וואגענס וועלכע ווערען אויסגעשטעלט אין דער רונד; א בעפעסטיגונג, א פעסטונג]; פייקלען אויף א טאמבורין אדער האנד־פייקעל.



Tabor

ta'borer *n.* (טיי'־באר־ער) א פייקלער; איינער וואס פויקט אויף א טאמבורין אדער האנד־פייקעל.

tab'oret *n.* (טעב'־א־רעט) א קליינער טאמבורין [האנד־פייקעל]; א טאבורעט [א שטוהל אהן א לעהן אדער מיט א זעהר נידריגען לעהן]; א שטיקעריי־ראהם; א נאדעל־טעשעל.

tab'orine *n.* (טעב'־א־ריז) א טאמבוריז, א האנד־פייקעל, א פייקעל.

ta'bors *n.* (טיי'־בארז) א פערפעסטיגונג מיט באגאזש־זאכען [נענען אז איינ בערפאל פון קאוואלעריע]; טאבארען; טאמבורינען, האנד־פייקלעך. ז. *tabor*.

ta'bour *n. and v.* (טיי'־באר) א טאמ־בוריז, א האנד־פייקעל; פויקען [אויף א טאמבורין], פייקלען.

ta'bourer *n.* (טיי'־באר־ער) ז. *taborer*.

tab'ouret *n.* (טעב'־או־רעט) ז. *taboret*.

tab'ourine *n.* (טעב'־או־ריז) ז. *taborine*.

tab'ret *n.* (טעב'־רעט) א קליינער טאמ־בוריז אדער האנד־פייקעל.

tabu' *n., a. and v.* (טע־בוה') ז. *taboo*.

tab'ula *n.* (טעב'־יו־לא) א טיש; א פלאטע; א הארטע, ברייטע, פלאכע אויבערפלאכע [ווי פון א ביין]; א טאוועל, א לוח; א שריפט, א דאקומענט.

tab'ular *a.* (טעב'־יו־לאר) טאוועל־פערמיג, ברעט־ארטיג; וואס קומט אין שיכטען; ווי א פלאטע, פלאך; אויסגעשטעלט ווי א טאבעלע.

tab'ula ra'sa (טעב'־יו־לא ריי'־סא) א וואקסענער טאוועל מיט אבגעריבענער שריפט; א ליידיגער בלאט, אן אונבעשריבענער בלאט.

tab'ular bones (טעב'־יו־לאר באונז) פלאכע ביינער.

tabula'rium *n.* (טעב־יו־ליי'־רי־אם) אן ארכיוו.

tabulariza'tion *n.* (טעב־יו־לאר־אי־זיי'־שאן) ז. *tabulation*.

tab'ularize *v.* (טעב'־יו־לאר־איז) צו־זאמענשטעלען אין א טאבעלע.

tab'ularly *adv.* (טעב'־יו־לאר־לי) אין דער פארם פון א טאבעלע; מיט דער הילף פון א טאבעלע.

tab'ular spar (טעב'־יו־לאר ספאר) ז. *table-spar*.

tab'ular stan'dard (טעב'־יו־לאר סטענ'־דארד) א מאסשטאב, לויט וועלכען עס ווערט בעשטימט, ווי גרויס עס דארף זיין אין א צייט ארום די סומע געלד פון א חוב, אז זי זאל האבען דיזעלבע קויף־קראפט וואס זי האט איצטער.

tab'ular work (טעב'־יו־לאר הוואירק) ז. *table-work*.

tab'ulate *v. and a.* (טעב'־יו־לייט) צו־זאמענשטעלען אין טאבעלען; מאכען פלאך ווי א ברעטעל אדער א פלאטע; פלאטענ־פערמיג, פלאך.

tabula'tion *n.* (טעב־יו־ליי'־שאן) דאס צוזאמענשטעלען אין א טאבעלע.

tab'ulator *n.* (טעב'־יו־ליי־טאר) א טאבעלען־צוזאמענשטעלער.

ta'bum *n.* (טיי'־באם) ז. *sanies*.

tac'amahac *n.* (טעק'־ע־מע־העק) טא־קאמאהאק [אזא שמעקענדער בוים־זאפט]; א טאקאמאהאק־בוים [פון וועלכען מען בעקומט טאקאמאהאק]; דער באלזאם־פא־פעל אדער באלזאם־טאפאל [אזא אמעריקאנישער בוים מיט שמעקענדע בלעטער־שפראצען אדער שפראץ־אויגעלעך].

tacamahac'a *n.* (טעק־ע־מע־העק'־א) טאקאמאהאק; דער טאקאמאהאק־בוים. ז. *tacamahac*.

ta'ce *int.* (טיי'־סי) שא! שטיל!

tache *n.* (טעש) א קויט־פלעק; א הויט־שפרענקעל; א פלעק; א נייגונג; איינער פון א רייה פאנען צום אויסקאכען צוקער.

tacheom'eter *n.* (טעק־אי־אמ'־ע־טער) א געשווינדיגקייטס־מעסטער [אן אינ־סטרומענט צו בעשטימען די געשווינדיג־קייט פון א מאשין, פון א פליסענדען וואסער אדער פון דער בלוט־צירקולאציאן אין אן אדער. ז. *tachometer*]; אזא לאנד־מעסטונגס־אינסטרומענט [ז. *tachymeter*].

tachom'eter *n.* (טע־קאמ'־ע־טער) א געשווינדיגקייטס־מעסטער [אן אינסטרו־מענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון א פליסענדען וואסער אדער פון דער בלוט־צירקולאציאן אין אן אדער].

tachom'etry *n.* (טע־קאמ'־ע־טרי) דער געברויך פון א געשווינדיגקייטס־מעסטער. ז. *tachometer*.

tachycar'dia *n.* (טעק־אי־קאר'־די־א) א צו שנעלער פולס.

tachyg'rapher *n.* (טע־קיג'־רע־פער) א טאכיגראף, א סטענאגראף. ז. *tachygraphy*.

tachygraph'ic *a.* (טעק־אי־גרעפ'־איק) טאכיגראפיש, סטענאגראפיש. ז. *tachygraphy*.

tachygraph'ical *a.* (טעק־אי־גרעפ'־אי־קעל) ז. *tachygraphic*.

tachyg'raphy *n.* (טע־קיג'־רע־פי) טא־כיגראפיע [סטענאגראפיע ביי די פאר־צייטיגע רוימער און גריכען]; סטענא־גראפיע [א שרייב־סיסטעם דורך אבקירצונגען און צייכענס]. ז. *stenography*.

tachym'eter *n.* (טע־קימ'־ע־טער) אזא לאנד־מעסטונגס־אינסטרומענט.

tac'it *a.* (טעס'־איט) 1. שטיל, שטיל־שווייגענד; 2. ניט אויסגעדריקט אין ווער־טער, וואס פערשטעהט זיך פון זיך, וואס פערשטעהט זיך במילא.

2. There was a tacit understanding between them that some day he would marry her.

tac'itly *adv.* (טעס'־איט־לי) שטיל־שווייגענד; אהן ווערטער; פערשטאנען פון זיך אליין.

His inability to hold the position was tacitly admitted.

tac'iturn *a.* (טעס'־אי־טוירן) שוויי־גענדיג, שווייגזאם, וואס רעדט ווייניג, צו־ריקגעהאלטען אין רעדען.

Because of his taciturn manner we found it hard to reach an agreement with him.

tac'iturnist *n.* (טעס'־אי־טויר־ניסט) א שווייגער.

tacitur'nity *n.* (טעס־אי־טויר'־ני־טי) שווייגזאמקייט, שווייגענדיגקייט, צוריקגע־האלטענקייט אין רעדען.

tac'iturnly *adv.* (טעס'־אי־טוירנ־לי) שווייגענדיג, אויף א שווייגזאמען אופן, צוריקגעהאלטען אין רעדען.

tack *n. and v.* (טעק) א שטיפט, א טשוועקעל; א פערסטריגע; אזא זעגעל־שטריק; א שיפס־ווענדונג, א שיפס־ריכ־טונג, א דרעהע [ביים צופאסען זיך צו דעם ווינד]; א ווענדונג, א ריכטונג, א קורס; אזא בעפעסטיגונג פון א וואסער־רעהר, גאז־רעהר א. ז. וו. צו א וואנד; עטוואס וואס איז צוגעגאנגעלט, צוגעפעס־טיגט, פערבונדען אדער צוזאמענגעסטרי־געיעט; בעפעסטיגטקייט, שטאנדהאפטיג־קייט; קלעפעדיגקייט, פייכטקייט [פון א נעמאלענעם בילד]; שפייז, קעסט; ברויט [אויף דער מאטראזען־שפראך]; בעפעס־טיגען מיט שטיפטען; פערסטריגעווען; פעראייניגען, פערבינדען, צוזאמענפעסטי־גען; צושטעפען; ענדערען די ריכטונג, לאווירען, זיך דרעהען, קירעווען.

tack about' (טעק ע־באוט') קירעווען, לאווירען, ענדערען די ריכטונג.

tack'-claw *n.* (טעק'־קלאה) אן אינ־סטרומענט צום ארויסציהען שטיפטען אדער טשוועקלעך.

tack'-comb *n.* (טעק'־קאום) א רייה שטיפלעך [אנגעשטעכען אין דער פארם פון א קאם פאר שוסטערס].

tack'-dri'ver *n.* (טעק'־דראי'־ווער) א האמער אדער אן אנדער אינסטרומענט ארייצוזשלאגען שטיפטען אדער טשוועק־לעך.

tack'er *n.* (טעק'־ער) איינער וואס סטרי־געוועט; איינער וואס בעפעסטיגט מיט שטיפטען; איינער וואס בעפעסטיגט אדער בינדעט צוזאמען; אן אינסטרומענט אריינ־צושלאגען שטיפטען.

tack'et *n.* (טעק'־עט) א שטיפטעל, א טשוועקעל.

tack'ey *a. and n.* (טעק'־אי) ז. *tacky*.

tack'-ham'mer *n.* (טעק'־העמ'־ער) א האמער צום אריינשלאגען שטיפטען אדער טשוועקלעך [און אויך צום ארויסציהען טשוועקלעך].

tack'iness *n.* (טעק'־אי־נעס) קלעפיג־קייט, ציהעוקייט.

tack'le *n. and v.* (טעקל) א פארריכ־טונג צום אנכאפען, צום פעסטהאלטען, צום הויבען און בעוועגען; טאקעל־ווערק [אויף שיפס־שטריק, הויב־מאשינען, שי־פען]; שטריק־ווערק; אן אויסריכטונג, א נאנג, א קאמבינאציאן פון זאכען [ווי וואפען, שפאנ־געצייג, מעכאנישע אינסטרו־מענטען א. ז. וו.]; דאס אנכאפען; פעסט־האלטונג; צופעסטיגונג; צופעסטיגען, אנ־כאפען, פעסטהאלטען; זיך ארויפווארפען; זיך ענערגיש א נעהם טהאן [צו אימעצען אדער צו עפעס]; אנטהאן א פערד דאס שפאנ־געצייג.

tack'le-block *n.* (טעק'ל־בלאק) דער טאקעל־בלאק [א רעדעל פון א הויב־מא־

שין, אויף וועלכען עס דרעהט זיך א שטריק].

tack'le-board *n.* (טעק'ל-באורד) א געשטעל געברויכט ביים דרעהען שטריק, צו וועלכען עס בעפעסטיגען זיך די איינצעלנע דיקע פעדים ביים צוזאמענדרעהען זיי.

tack'led *a.* (טעקלד) געמאכט פון שטריק.

tack'led stair (טעקלד סטעהר) א שטריק-לייטער.

tack'le-post *n.* (טעק'ל-פאוסט) א שטריק-דרעה מאשין.

tack'le to (טעקל טו) זיך א נעהם טהאן, זיך אנזעצען.

tack'le up (טעקל אפ) איינשפאנען א פערד, אנטהאן דעם שפאן-געציינ אויף א פערד.

tack'-lif'ter *n.* (טעק'-ליפ'-טער) ז. ***tack-claw***

tack'ling *n.* (טעק'-לינג) טאקעל-ווערק, שטריק-ווערק, שטריק און הויב-מאשינען אויף שיפען; אויסריכטונג, א נאנג, א קאמבינאציאן פון זאכען וואס זיינען נויטיג פאר עפעס. ז. ***tackle***

tack'y *a. and n.* (טעק'-אי) ציהיג, קלעפיג; אן אויסגעמאגערט פערד; אן אויסגעמאגערטער מענש.

tac'mahack *n.* (טעק'-מע-העק) טאקאמאהאק; דער טאקאמאהאק-בוים. ז. ***tacamahac***

tact *n.* (טעקט) טאקט [שיקליכקייטס-געפיהל, קלוגהייט, פעהיגקייט צו האנדלען און ריידען פאסיג אדער אזוי, אז מען זאל קיינעם ניט בעליידיגען]; דער טאקט [אין מוזיק]; בעריהרונג, אנריהרונג, פיהלונג [מיט די פינגער], אנטאפונג.

tac'table *a.* (טעק'-טעבל) וואס מען קען אנריהרען אדער אנטאפען, פיהלבאר.

tact'ful *a.* (טעקט'-פול) טאקטיש, טאקטפול, קלוג, אויסגערעכענט.

tac'tic *a. and n.* (טעק'-טיק) טאקטיש [אין ריידען אדער בענעהמונג]; וואס איז שייך צו טאקטיק; טאקטיק [די קריעגס-וויסענשאפט, די קונסט אויסצושטעלען מיליטער אדער א פלאטע און מאכען פערשיעדענע מאנעווערען]; א טאקטיק [א האנדלונגס-מעטאדע, פלענער און איינפעלע ווי עפעס צו דערגרייכען].

tac'tical *a.* (טעק'-טי-קעל) טאקטיש. ז. ***tactic***

tac'tically *adv.* (טעק'-טי-קעל-אי) מיט טאקט, טאקטיש, לויט טאקטיק. ז. ***tactic***

tac'tical point (טעק'-טי-קעל פאינט) א סטראטעגישער פונקט, א פלאץ וואס איז זעהר וויכטיג צו פערכאפען אדער צו האלטען אויף א שלאכט-פעלד.

tacti'cian *n.* (טעק-טיש'-ען) א טאקטיקער, א קענער אין טאקטיק. ז. ***tactics***

tac'tics *n.* (טעק'-טיקס) טאקטיק [קריעגס-וויסענשאפט, די קונסט אויסצושטעלען מיליטער אדער א פלאטע און מאנעווירען מיט זיי; א האנדלונגס-מעטאדע, פלענער און איינפעלע ווי עפעס צו דערגרייכען].

tac'tile *a.* (טעק'-טיל) 1. וואס איז שייך צו דער פעהיגקייט אנצוטאפען אדער פיהלען דורך בעריהרונג [חוש המשוש]; וואס שאפט בעגריפע דורך פיהלונג אדער אנטאפונג; 2. פיהלבאר, עמפפינדבאר, וואס מען קען אנטאפען אדער פיהלען דורך בעריהרונג; 3. וואס איז צוגעפאסט צום פיהלען אדער אנטאפען; 4. וואס בעשטעהט אין פיהלען אדער אנטאפען; וואס קומט פון בעריהרונג; וואס ווערט בעווירקט פון בעריהרונג.

1. Certain portions of the skin possess a specially fine tactile sensibility. 3. A bat's wing is a highly tactile surface. 4. Our skin is the seat of tactile impressions.

tac'tile cor'puscle (טעק'-טיל קאהר'-פאסל) ז. ***touch-corpuscle***

tac'tile sense (טעק'-טיל סענס) דאס אנטאפונגס-געפיהל [חוש המשוש].

tactil'ity *n.* (טעק-טיל'-אי-טי) פיהלבארקייט, עמפפינדבארקייט, פעהיגקייט געפיהלט צו ווערען דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג, פעהיגקייט אנגעטאפט צו ווערען.

tac'tion *n.* (טעק'-שאן) פיהלונג, אנטאפונג, אנריהרונג, בעריהרונג; פעהיגקייט צו פיהלען דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג.

tact'less *a.* (טעקט'-לעס) טאקטלאז, אונגעשיקט, אונפאסיג [אין האנדלען אדער ריידען].

tact'lessness *n.* (טעקט'-לעס-נעס) טאקטלאזיגקייט, אונפאסיגקייט, אונגעשיקטקייט [אין האנדלען אדער ריידען].

tac'tual *a.* (טעק'-טשו-על) וואס גיט איבער פיהלונג דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג; וואס מאכט פיהלען א בעריהרונג; וואס קומט פון אנטאפונג אדער בעריהרונג.

tac'tually *adv.* (טעק'-טשו-על-אי) דורך אנטאפונג אדער בעריהרונג; אין בעצוג צו אנטאפונג אדער בעריהרונג.

tac'tus *n.* (טעק'-טאס) אנטאפונגס-געפיהל, חוש המשוש.

tad *n.* (טעד) א קליין אינגעל [הויפטזעכליך א גאסען-קינד].

Tador'na *n.* (טע-דאהר'-נא) דער מין בראנד-ענטלעך. ז. ***sheldrake***

tad'pole *n.* (טעד'-פאול) אן אונענטוויקעלטער פראש, א פראש-ווארים [א פראש אדער זשאבע פון דער צייט ווען זי קומט ארויס פון איי ביז זי קומט צו איהר לעצטער ענטוויקלונגס-שטופע. ז. ***metamorphosis***]; אזא קאלבענטויכער מיט א בעוואקסענעם קאפ [ז. ***merganser***].

tad'pole-fish *n.* (טעד'-פאול-פיש) א פיש מיט א גרויסען קאפ [ווי ביי אן אונענטוויקעלטען פראש]. ז. ***tadpole***

tæ'dium *n.* (טיע'-די-אם) לאנגווייליגקייט, מיעדקייט; איבערדריסיגקייט.

tal'ly-ho' *int., n. and v.* (טעל'-אי-האו') אן אויסגעשריי פון יעגער צו זייערע הינד; א מין שפאציער=קארעט געשפאנט אין פיער פערד; אזא פאסט=וואגען; אויסרופען "טעללי=האו" [צו יאגד=הינד]; העצען יאגד=הינד.

tal'lying-machine' *n.* (טעל'-אי-אינג-מע-שין') א מאשין צו פערצייכנען די צאהל פון פאסאזשירען אדער געפעק [אויף א שיף, אין א מאגאזין א. ז. וו.].

tal'lyman *n.* (טעל'-אי-מען) איינער וואס האלט א רעכנונג אדער מאכט פערצייכנונגען; א קליין=הענדלער וואס גיט קורצען קרעדיט [אהן רעגעלמעסיגער בוך=פיהרונג]; איינער וואס נעהמט אן בעשטעלונגען אויף סחורות; א מאן וואס לעבט אונגעזעצליך מיט א פרוי.

tal'ly-mark *n.* (טעל'-אי-מארק) א רעכנונגס=צייכען, א צאהל=איינהייט ביים פערצייכנען [ווי למשל, דורך איינקארבונגען].

tal'ly-sheet *n.* (טעל'-אי-שיעט) א רעכנונגס=ליסטע; א צעטעל מיט חשבונות פון אבגעגעבענע שטימען [ביי וואהלען].

tal'ly-shop *n.* (טעל'-אי-שאפ) א קראם וואו מען גיט קרעדיט אויף א קורצער צייט אדער אויף קליינע אבצאהלונגען [אהן רעגעלמעסיגער בוך=פיהרונג].

tal'ly-stick *n.* (טעל'-אי-סטיק) א קארב=האלץ [צום האלטען א רעכנונג דורך איינקארבונגען].

tal'ly-trade *n.* (טעל'-אי-טרייד) קרעדיט=האנדעל, קליין=האנדעל אויף בארג [אהן רעגעלמעסיגער בוך=פיהרונג].

tal'ly-wife *n.* (טעל'-אי-הוואיף) ז. *tally-woman*

tal'ly-wom'an *n.* (טעל'-אי-הוואומ'-ען) א קרעמעריז, א קליין=הענדלעריז וואס גיט קורצען קרעדיט [אהן רעגעלמעסיגער בוך=פיהרונג]; א פרוי וואס לעבט אונגעזעצליך מיט א מאן.

tal'ma *n.* (טעל'-מא) א טאלמע, אזא קורצער אויבערשטער דאמען=מאנטעל.

tal'mi-gold *n.* (טעל'-מי-גאולד) דאס טאלמי=גאלד [אזא קופער אדער מעש וואס ווערט געמאכט נאכצואהמען גאלד].

Tal'mud *n.* (טעל'-מאד) דער תלמוד, די גמרא, די תורה שבעל פה [די זאמלונג פון געזעצען, תקנות, פארשריפטען, לעגענדען און אגדות, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר די רעליגיעזע ליטעראטור פון אידישען פאלק אין די צייטען פון בית שני און אין די ערשטע יאהרהונדערטע נאך'ן חרבן].

Talmud'ic *a.* (טעל-מאד'-איק) תלמודיש, וואס איז שייך צו תלמוד אדער גמרא.

Talmud'ical *a.* (טעל-מאד'-אי-קעל) ז. *Talmudic*

Tal'mudist *n.* (טעל'-מאד-איסט) אן אנהענגער פון תלמוד, איינער וואס געהט נאך דער תלמודישער לעהרע; א תלמודיסט, א קענער פון תלמוד.

Talmudis'tic *a.* (טעל-מא-דיס'-טיק) ז. *Talmudic*

tal'on *n.* (טעל'-אן) א קלויע [ביי א חיה]; א נאגעל [פון א רויב=פויגעל]; איינער פון די בערגעלעך אויף דער קייפלעכע פון א צאהן; די ארויסשטארצונג פון ציגנגעל פון א שלאס, אויף וועלכען עס דריקט דער שליסעל ביים עפענען אדער פערשליסען; דער טייל פון א טעשעל קארטען, וואס בלייבט נאכדעם, ווי מען האט אויסגעטיילט די נויטיגע צאהל קארטען פאר די שפיעלער; דער שפיץ פון א שווערד; אין באנק=געשעפט — א טאלאן, א טייל פון ווערטה=פאפיער, וואס קען אומגעביטען ווערען אויף א נייער סעריע קופאנען.

talook' *n.* (טע-לוהק') ז. *taluk*

talook'dar *n.* (טע-לוהק'-דאר) ז. *talukdar*

tal'pa *n.* (טעל'-פא) א — אין פאטאלאגיע בייל אדער געשוויר אויף'ן קאפ.

Tal'pa *n.* (טעל'-פא) דער מין מוילווארפען אדער קראטען. ז. *mole*

tal'pine *a.* (טעל'-פין) וואס איז עהנליך צו א מוילווארף אדער קראט.

taluk' *n.* (טע-לוהק') אין אסט=אינדיען — א טאלוק, א טייל פון א בעצירק אונטער דער אויפזיכט פון אן ארטיגען בעאמטען, וועלכער דארף דארטען אויפקלייבען שטייערען.

taluk'dar *n.* (טע-לוהק'-דאר) אין אסט=אינדיען — דער טאלוקדאר [אן ארטיגער בעאמטער פון א בעצירק, וועלכער קלייבט אויף די שטייערען].

ta'lus *n.* (טיי'-לאס) דאס קנעכעל=גליעד, דער קנעכעל=ביין; דער דאך=אראב אדער דער משופע'דיגער טייל פון א פעסטונגס=וואנד; שטיקער שטיינער און פעלזען, וואס זיינען אנגעווארפען אין א שפאלט צווישען בערג.

tamabil'ity *n.* (טיי-מע-ביל'-אי-טי) די צוימבארקייט, דאס לאזען זיך צוימען; דאס זיין געהארכזאם צום מענשען [וועגען חיות].

ta'mable *a.* (טיי'-מעבל) וואס לאזט זיך צוימען אדער צוגעוועהנען, וואס לאזט זיך מילדערען אדער זענפטיגען [וועגען א ווילדער חיה].

ta'mableness *n.* (טיי'-מעבל-נעס) די צוימבארקייט, די מעגליכקייט צו ווערען געזענפטיגט אדער געמילדערט [וועגען א ווילדער חיה].

tamal' *n.* (טע-מאל') א מעקסיקאנער געריכט פון קוקורוזע מיט פלייש געפעפערט מיט רויטען פעפער.

tama'le *n.* (טע-מא'-לע) ז. *tamal*

taman'dua *n.* (טע-מענ'-דיו-א) אן אמייזען=פרעסער [א חיה וואס עסט מוראשקעס].

tam'anoir *n.* (טעמ'-ע-נואר) דער גרויסער דרום=אמעריקאנישער אמייזען=פרעסער [א חיה וואס עסט מוראשקעס].

tam'arack *n.* (טעמ'-ע-רעק) דער אמעריקאנער לערכען=בוים [א דינער און אפט זעהר הויכער בוים מיט זעהר א שטארקען האלץ. וואקסט אין די זומפיגע נארדטיילען פון נארד=אמעריקא].

tam'arick *n.* (טעמ'-ע-ריק) ז. *tamarisk*

tam'arin *n.* (טעמ'-ע-רין) דער טאמארין [אזא קליינע דרום=אמעריקאנישע אפע].

tam'arind *n.* (טעמ'-ע-רינד) דער טאמארינד [אזא בוים פון די הייסע לענדער]; די סטרוטשקעס אדער שויטען=פרוכט פון דעם טאמארינדען=בוים [ווערט נעברויכט אין מעדיצין אלס אן אבפיהר=מיטעל].

Tamarind

tam'arind-fish *n.* (טעמ'-ע-רינד-פיש) אן אינדישעס געריכט פון פיש, וואס איז צוגעריכט מיט דעם זאפט פון דער פרוכט פון טאמארינדען=בוים. ז. *tamarind*

tam'arisk *n.* (טעמ'-ע-ריסק) די טאמאריסקע [אזא קליין בוימעל אדער בוש מיט פעדער=ארטיגע צווייגלעך. וואקסט אין די ווארימע לענדער און בעזאנדערס ארום די ברעגען פון מיטעללענדישען ים].

tam'bac *n.* (טעמ'-בעק) טאמבאק [א גאלד=פארביגע מישונג פון קופער און צינק]; אלאען=האלץ [דאס האלץ פון אן אלאען=בוים].

tam'bor *n.* (טעמ'-באר) א מין בלאזפיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף].

tam'bour *n. and v.* (טעמ'-בוהר) א קליינע פויק, א פייקעל; א טאמבור, א שטיקעריי=ראהם [א ראהם צו מאכען שטיקעריי=ארבייט]; טאמבוריר=ארבייט, שטיקעריי=ארבייט; אין ארכיטעקטור — איינער פון די צילינדער=פערמיגע שטיינער, פון וועלכע עס ווערט צוזאמענגעשטעלט א רונדער זייל; די וואנד פון א רונדער נעביידע [בעזאנדערס פון א קירך], וואס איז ארומגערינגעלט מיט זיילען; א מין פארהויז צו א געביידע [בעזאנדערס צו א קירך]; אין פעסטונגס=ווערק — א רונדער הילצערנער פארקאן, וואס דיענט אלס שוץ פון דער הויפט פעסטונגס=וואנד; מאכען שטיקעריי=ארבייט אדער האפט=ארבייט מיט א שטיקעריי=ראהם, טאמבורירען; דעקארירען מיט אויסגעשטיקטע אדער אויסגעהאפטע ארבייט.

tam'boura *n.* (טעמ'-בו-רא) די טאמבורא [אן אריענטאלישער מוזיקאלישער אינסטרומענט עהנליך צו א גיטארע אדער מאנדאלין].

tam'bour-frame *n.* (טעמ'-בוהר-פריים) א שטיקעריי=ראהם [א ראהם, אויף וועלכער עס ווערט אנגעצויגען דאס טוך וואס ווערט געשטיקט אדער געהאפט].

tambourine' *n.* (טעמ-בו-רין') א טאמבורין, אזא לייכטעס פייקעל מיט גלעקלעך [ווערט פיעל בענוצט פון שפאנישע טענצערינס]; אזא פראוואנסאלער טאנץ; די מוזיק צו דיעזען טאנץ; אזא אפריקאנישע טויב.

tam'bour-nee'dle *n.* (טעמ'-בוהר-ניע'דל) א טאמבור=נאדעל, א האפט=נאדעל, א שטיק=נאדעל.

tam'bour-stitch *n.* (טעמ'-בוהר-סטיטש) א קרייץ=שטאך, אן ארט האפטען, וואו די שטעך געהען נעקרייצט.

tam'bour-stitch'er *n.* (טעמ'-בוהר-סטיטש'-ער) איינער וועלכער האפט אדער נעהט אוים אויף א טאמבור אדער שטיקעריי=ראהם.

tam'bour-work *n.* (טעמ'-בוהר-הוואירק) שטיקעריי אדער האפטעריי וואס ווערט געמאכט אויף א טאמבור אדער שטיקעריי=ראהם.

tambreet' *n.* (טעמ-בריעט') דאס שנאבעל=טהיער. ז. *duckbill*

tam'buret-stitch *n.* (טעמ'-בו-רעט-סטיטש) ז. *tambour-stitch*

tamburo'ne *n.* (טעמ-בו-ראו'-נע) א גרויסע פויק.

tame *a. and v.* (טיים) געצוימט, ניט ווילד, צוגעוועהנט צום הויז, הויזליך [וועגען טהיערע]; ציוויליזירט, מיט ערציהונג, מיט מאניערען [וועגען מענשען]; פאלגזאם, געהארכזאם, בויגזאם; מאט, טעמפ, שלעפריג, אהן לעבען; געשמאקלאז, ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; אהן עפעקט, אהן ווירקונג; צוימען, ברעכען די ווילדקייט; בעצווינגען, מאכען געהארכזאם; בויגען, מאכען אונטערטעניג; מאכען מאט, שוואך, טעמפ.

tameabil'ity *n.* (טיי-מע-ביל'-אי-טי) ז. *tamability*

ta'meable *a.* (טיי'-מעבל) ז. *tamable*

tame'less *a.* (טיימ'-לעס) אונגעצוימט; וואס קען ניט געצוימט ווערען, וואס קען ניט געמילדערט ווערען.

tame'lessness *n.* (טיימ'-לעס-נעס) דאס ניט קענען געצוימט ווערען.

tame'ly *adv.* (טיימ'-לי) אונטערוועריג, נאכגעביג.

tame'ness *n.* (טיימ'-נעס) געצוימטקייט, אונטערווערפיגקייט; שוואכקייט.

ta'mer *n.* (טיי'-מער) א בענדיגער, א צוימער [איינער וואס צוימט אדער ברעכט די ווילדקייט פון חיות].

Tam'il *n.* (טעמ'-איל) די טאמילען, איינער פון די קולטורעלסטע שבטים, וועלכע בעזיצען דעם דרום=טייל פון אסט=אינדיען; די טאמילישע שפראך [די שפראך, וועלכע בעזיצט די רייכסטע פארצייטיגע אסט=אינדישע ליטעראטור].

tam'in *n.* (טעמ'-אין) טאמין אדער סטאמין [אזא דינעס גלאנציגעס וואלען=צייג].

tam'ine *n.* (טעמ'-אין) ז. *tamin*

tam'iny *n.* (טעמ'-אי-ני) ז. *tamin*

tam'is *n.* (טעמ'-אים) אזא צייג געמאכט צו זייערען אדער פילטרירען א פליסיגקייט; א זייערעל אדער פילטער געמאכט פון צייג.

tamise' *n.* (טע-מיז') טאמיז, דינעס וואלען=צייג.

tam'kin *n.* (טעמ'-קין) ז. *tampion*

Tam'many *n.* (טעמ'-ע-ני) ז. *Tammany Society*

Tam'many Hall (טעמ'-ע-ני האהל) טעמעני האל, די אפיציעלע ארגאניזאציאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין ניו יארק. ז. *Tammany Society*

Tam'many Soci'ety (טעמ'-ע-ני סא-סאי'-ע-טי) די טעמעני=געזעלשאפט [א געזעלשאפט, וועלכע האט זיך אויסנעבילדעט אין ניו יארק אין יאהר 1789 און האט אנגענומען דעם נאמען פון א פריינדליכען פיהרער פון אן אינדישען שבט — טעמעני — וועלכען די קעמפפער פאר פרייהייט אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן האבען אין שפאס פערהייליגט אלס דעם פאטראן און בעשיצער פון דער נייער אמעריקאנער רעפובליק. די געזעלשאפט האט זיך נעגרינדעט מיט די צוועקען פון געגענזייטיגער הילף און אונטערשטיצע, נאר שפעטער האט זי זיך פערוואנדעלט אין א ריין=פאליטישער ארגאניזאציאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי]. ז. *Tammany Hall*

Tam'muz *n.* (טעמ'-אז) דער חדש תמוז; א סירישע גאטהייט, דיזעלבע ווי אדאנים, וועמעס יום=טוב מען פלעגט פייערען ראש חודש תמוז.

tam'my *n.* (טעמ'-אי) ז. *tamin*

tamp *v.* (טעמפ) פערשטאפען א לאך אין א פעלז נאכדעם ווי מען האט דערין אריינגעטהאן פולווער איהם צו צושיסען; אנשטאפען עפעס.

tam'per *v. and n.* (טעמ'-פער) זיך פארען; האבען צו טהאן; מאכען אונגעזעצליכע ענדערונגען, קאליע מאכען; פעלשען [ווי למשל, א דאקומענט]; מאכען נארישע פראבען; בענוצען געהיימע מיטלען; ווירקען אויף אן אונעהרליכען אופן; אונטערקויפען; איינער וואס פערשטאפט א לאך אין אן אויסגעבויערטען פעלז נאכדעם ווי מען האט אין איהם אריינגעלעגט אויפרייסענדען מאטעריאל; אן אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום פערשטאפען עפעס.

tam'perer *n.* (טעמ'-פער-ער) איינער וואס ווירקט אויף דעם אנדערען דורך אונעהרליכע מיטלען; איינער וואס בענוצט געהיימע מיטלען; איינער וואס פארעט זיך, האט צו טהאן אדער מישט זיך; איינער וואס מאכט ענדערונגען, מאכט קאליע אדער פעלשט [ווי א דאקומענט].

tam'ping *n.* (טעמ'-פינג) דער שטאף וועלכער דיענט צו פערשטאפען א לאך אין א פעלז נאכדעם ווי מען האט דערין אריינגעטהאן פולווער איהם צו צושיסען; די פערשטאפונג פון אזא לאך אין א פעלז.

tam'ping-bar *n.* (טעמ'-פינג-באר) דער שטאנג מיט וועלכען מען פערשטאפט דאס לאך פון א פעלז נאך דעם ווי עס ווערט דערין אריינגעטהאן פולווער דעם פעלז צו צושיסען.

tam'ping-i'ron *n.* (טעמ'-פינג-אי'-ערן) ז. *tamping-bar*

tam'pion *n.* (טעמ'-פי-אן) א שטאפקע; די שטאפקע פון א קאנאן.

tam'pon *n. and v.* (טעמ'-פאן) אין כירורגיע — א טאמפאן, שטיקלעך וואטע אדער מארלע מיט וואס מען פערשטאפט אן עפנונג אין קערפער ניט צו דערלאזען א בלוט=שטורץ; מאכען א טאמפאן; פערשטאפען א וואונד אדער קערפער=עפנונג.

tamponade' *n.* (טעמ-פא-נייד') ז. *tamponage*

tam'ponage *n.* (טעמ'-פאנ-עדזש) אין כירורגיע — דאס פערשטאפען אן עפנונג פון קערפער מיט א טאמפאן. ז. *tampon*

Tam'ul *n.* (טעמ'-אל) ז. *Tamil*

tan *v., n. and a.* (טען) גארבען [פעל]; ברוינען, מאכען ברוין; אין דער פאבריקאציאן פון קינסטליכען מארמאר — מאכען דעם שטאף [זשעלאטין און גומי] הארט, עס זאל ניט פאנאנדערגלאזען ווערען אין וואסער; ווערען געגארבט [ווי

לעדער]; בעקומען א ברוינעם קאליר; שטויסען [ווי מען שטויסט קארע פאר גארבעריי], קלאפען, שלאגען; גארבער־קארע [קארע פון א בוים וואס ווערט בענוצט אין גארבעריי]; א ברוינער קאליר; דער קאליר פון דער הויט וואס איז אבגעברענט אויף דער זון; פון א ברוינעם קאליר; געלב־ברוין.

tan'ager *n.* (טען'-ע-דזשער) די טאנאגרא [א מין אמעריקאנישער פויגעל פון א העל־רויטען אדער גרינליך־געלבען קאליר].

tan'-balls *n.* (טען'-באהלז) אויסגעניצטע קארע, מיט וועלכער מען האט גענארבט פעל, וואס ווערט אויסגעטריקענט אין צוזאמענגעדריקטע שטיקער און ווערט געברויכט צום הייצען.

tan'-bark *n.* (טען'-בארק) גארבער־קארע [קארע וואס ווערט בענוצט צו גארבען פעל].

tan'-bath *n.* (טען'-בעטה) א וואנע פון וואסער מיט דער עסענץ פון גארבער־קארע.

tan'-bed *n.* (טען'-בעד) ז. ***bark-bed***.

tan'dem *adv. and n.* (טען'-דעם) געשפאנט נא־שפיץ, געשפאנט איינס פארויס פאר'ן אנדערען [ווענען פערד אין א קארעט]; א קארעט מיט פערד איינגעשפאנט נא־שפיץ; א וועלאסיפעד פאר צוויי מענשען, וואו איינער זיצט הינטער דעם אנדערען.

tan'dem en'gine (טען'-דעם ען'-דזשין) א טאנדעם־מאשין [א דאמפף־מאשין מיט צוויי צילינדערס איינער הינטער דעם אנדערען].

tan'-extrac'tor *n.* (טען'-עקס-טרעק'-טאר) א מאשין צו שטויסען קארע און אויספרעסען טאנין. ז. ***tannic acid***.

tang *n. and v.* (טענג) א צינגעל־פערמיגע ארויסשטארצונג פון עפעס; א צינגעל־פערמיגער און שפיציגער טייל פון א זאך [ווי דאס צינגעל פון א ספראנזשקע]; אן אונגעוועהנליכער שלעכטער גערוך פון עפעס; אן אונאנגענעהמער כאראקטער־שטריך; א מין ים־גראז; א שארפער, גרילצענדער קול; ארויסלאזען אדער מאכען ארויסצולאזען א שארפען, גרילצענדען קול אדער קלאנג; קלינגען; שמוצערען; מאכען עפעס מיט אן ארויסגעשטארצטען צינגעל.

tan'galung *n.* (טען'-גע-לאנג) דער טאנגאלונג, די ציבעט־קאץ פון סומאטרא. ז. ***civet-cat***.

tan'gence *n.* (טען'-דזשענס) ז. ***tangency***.

tan'gency *n.* (טען'-דזשען-סי) די בעריהרונג.

tan'gent *n. and a.* (טען'-דזשענט) אין געאמעטריע — די בעריהרונגס־ליניע [א גלייכע ליניע וועלכע קומט אין א געוויסען פונקט אין בעריהרונג מיט א גערדרעהטער אדער קרומער ליניע]; אין טריגאנאמעטריע — די טאנגענטע, א געוויסע פונקציאן [ז. ***function***] פון א ווינקעל אין א רעכט־ווינקעלדיגען דריי־עק. דיעזע פונקציאן דריקט זיך אויס אין דער פערהעלטניס פון דער לענג פון דער ווערטיקאלער זייט פון דיעזען דריי־עק צו דער לענג פון זיין האריזאנטאלער זייט [אין דער אנגעגעבענער צייכנונג איז די טאנגענטע — די פונקציאן פון ווינקעל *a*, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער פערהעלטניס פון דער ליניע ***AB*** צו דער ליניע ***CB***]; וואס בעריהרט אין איין פונקט [ווי א בעריהרונגס־ליניע].



Tangent

tan'gental *a.* (טען'-דזשען-טעל) ז. ***tangential***.

tangen'tial *a.* (טען-דזשען'-שעל) וואס איז שייך צו א טאנגענטע אדער בעריהרונגס־ליניע. ז. ***tangent***.

tangential'ity *n.* (טען-דזשען-שי-על'-אי-טי) דאס האבען דעם כאראקטער אדער די איינגענשאפטען פון א טאנגענטע. ז. ***tangent***.

tangen'tially *adv.* (טען-דזשען'-שעל-אי) אין דער ריכטונג פון א טאנגענטע אדער בעריהרונגס־ליניע. ז. ***tangent***.

tan'gent plane (טען'-דזשענט פליין) א פלעכע, וועלכע האט איין בעריהרונגס־פונקט מיט א געבויגענער אויבערפלעכע, ווי מיט א קוגעל, א צילינדער א. ד. ג.

Tangerine' *a. and n.* (טען-דזשע-ריען') וואס איז שייך צו טאנזשער [א וויכטיגער פארט פון מאראקא ביי דער ים־שטראסע גיבראלטאר]; אן איינוואהנער פון טאנזשער.

tang'fish *n.* (טענג'-פיש) א ים־הונד. ז. ***seal***.

tan'ghin *n.* (טען'-גין) דער טאנגין [א שטארקער גיפט וואס ווערט ארויסגעצויגען פון דער פרוכט פון א געוויסען מאדאגאסקארער בוים]; דער בוים, פון וועלכען מען בעקומט דעם טאנגין־גיפט.

tangib'ile *n.* (טען-דזשיב'-אי-לי) א זאך וואס מען קען אנטאפען אדער וואהרנעהמען דורך'ן חוש המשוש.

tangibil'ity *n.* (טען-דזשי-ביל'-אי-טי) די בעריהרבארקייט, די פיהלבארקייט, די מעגליכקייט אנצוטאפען מיט דער האנד; ממשות'דיגקייט.

tan'gible *a.* (טען'-דזשיבל) בעריהרבאר, פיהלבאר, וואס קען אנגעטאפט ווערען; דייטליך, ממשות'דיג.

tan'gibleness *n.* (טען'-דזשיבל-נעס) ז. ***tangibility***.

tan'gibly *adv.* (טען'-דזשי-בלי) אויף א בעריהרבארען אדער פיהלבארען שטייגער; אויף אן אופן וואס מען קען אנטאפען מיט די הענד.

tan'gle *v. and n.* (טענגל) פערוויקלען, פערפלאנטערען, פערקניפלען; אריינציהען אין א פלאנטער, פערכאפען אין א נעץ; זיין פערפלאנטערט; א פלאנטער; א פערלעגענהייט; א מין ים־גראז.

tan'gled *a.* (טענגלד) פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

tan'gle-fish *n.* (טען'גל-פיש) דער נאדעל־פיש אדער ים־נאדעל. ז. ***pipe-fish***.

tan'glefoot *n.* (טען'גל-פוט) שנאפס, בראנפען.

tan'glement *n.* (טען'גל-מענט) די פערוויקלונג, די פערפלאנטערונג.

tan'glesome *a.* (טען'גל-סאם) פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

tan'glingly *adv.* (טען'-גלינג-לי) אויף א פערוויקעלטען, פערפלאנטערטען שטייגער.

tan'gly *a.* (טען'-גלי) פערוויקעלט, פערפלאנטערט; בעדעקט מיט ים־גראז.

tan'go *n. and v.* (טען'-גאו) טאנגא [אזא טאנץ]; טאנצען א טאנגא.

tan'gram *n.* (טען'-גרעם) א קאפ־ברעכערישע פראבלעם, וואס בעשטעהט פון א קוואדראטען ברעטעל, וואס איז צושניטען אויף זיעבען פערשיעדענארטיגע שטיקלעך. פון דיעזע שטיקלעך דארף מען צוזאמענשטעלען א קוואדראט אדער אנדערע פיגורען.

tan'gum *n.* (טען'-גאם) דער טאנגום, א מין ווילדעס פערד פון טיבעט און אנדערע טיילען פון אזיען.

tang'y *a.* (טענג'-אי) וואס האט בעקומען אן אונאנגענעהמען גערוך, קלאנג אדער טעם.

tan'-house *n.* (טען'-האוס) א געביידע וואו מען האלט קארע פאר גארבעריי.

tan'ist *n.* (טען'-איסט) דער גרונד־אייגענטימער, דער גוטס־בעזיצער, דער פעאדאל [ביי געוויסע פארצייטיגע קעלטישע ראסען]. ז. ***tanistry***.

tan'istry *n.* (טען'-איס-טרי) א פארם פון גוטס־בעזיץ ביי געוויסע פארצייטיגע קעלטישע ראסען, וואו דאס לאנד מיט די טיטולען האבען בעלאנגט צו א געוויסען הערר נור פאר דער צייט פון זיין לעבען, און נאך זיין טויט פלעגט דאס אריבער צו אן אנדערען, וועמען מען פלעגט ערוועהלען.

tan'jib *n.* (טען'-דזשיב) אן ארט אסט־אינדישער מוסלין [אזא דינעם צייג].

tank *n. and v.* (טענק) א וואסער־ציסטערנע, א וואסער־בעהאלטער, א רעזערוואר; א צעבער; א בעקען; גיסען וואסער אין צעבער; אבטוקען אדער באדען אין א צעבער וואסער.


Tank

Tan'ka *n.* (טען'-קא) די טאנקאס, א טייל פון דער בעפעלקערונג פון דרום־כינא, וועלכע לעבען אין שיפען אויף'ן וואסער, ווייל זיי איז ניט געווען ערלויבט צו בעזעצען זיך אויף דער יבשה.

tan'ka-boat *n.* (טען'-קא-באוט) א מין שיף, אין וועלכער די טאנקאס וואהנען. ז. ***Tanka***.

tank'age *n.* (טענק'-עדזש) דאס אריינגיסען אדער דאס האלטען א פליסיגקייט אין א בעקען אדער צעבער; דער פרייז פאר האלטען א פליסיגקייט אין א באסיין אדער צעבער; דאס וואס א בעקען אדער צעבער קען איינהאלטען; דער אבזאץ פון פעטס.

tan'kard *n.* (טען'-קארד) א קרוג מיט א דעקעל, א טרינק־קאן.

tank'-car *n.* (טענק'-קאר) א ציסטערנע־וואגאן [אזא וואגאן מיט א ציסטערנע צו פיהרען נאפט אדער אויל].

tank'-en'gine *n.* (טענק'-ען'-דזשין) א טענדער־לאקאמאטיוו [א לאקאמאטיוו וואס פיהרט אליין זיין וואסער און קויהלען און דארף ניט האבען קיין ספעציעלען וואגאן פאר דעם].

Tan'kia *n.* (טען'-קיא) ז. ***Tanka***.

tan'kia-boat *n.* (טען'-קיא-באוט) ז. ***tanka-boat***.

tank'-i'ron *n.* (טענק'-אי'-ערן) אזא דיקעס בלעך.

tank'-lo'comotive *n.* (טענק'-לאו'-קא-מאו-טיוו) ז. ***tank-engine***.

tank'-ves'sel *n.* (טענק'-וועס'-על) א שיף מיט א ציסטערנע צו פיהרען פליסיגקייטען.

tan'ling *n.* (טען'-לינג) א מענש וואס איז פערברענט פון דער זון.

tan'-mill *n.* (טען'-מיל) א מאשין צו האקען קארע פאר גארבעריי.

tan'nage *n.* (טען'-עדזש) דאס גארבען;

דער פּראָצעס פון פערהאַרטעווען די שטאָפען, פון וועלכע מען פּראָדוצירט נאָכגעמאַכטען מאַרמאָר; דאָס ברוינען ווערען [פון דער הויט]; דאָס אָבגעברענט ווערען פון דער זון.

tan'nate *n.* (טענ׳-אייט) דאָס גאַרב-זויערע זאַלץ [אַ כעמישער שטאָף צו גאַרבען פעל].

tan'ner *n.* (טענ׳-ער) אַ גאַרבער; אַ סיקספּענס [אַן ענגלישע מטבע פון זעקס פּענים].

tan'nery *n.* (טענ׳-ער-אי) אַ גאַרבערײַ; דאָס גאַרבען.

tan'nic *a.* (טענ׳-איק) וואָס איז שייך צו גאַרבער-קאָרע; וואָס בעקומט זיך פון גאַרבער-קאָרע [די קאָרע פון אַ בוים, וואָס ווערט בענוצט אין גאַרבערײַ].

tan'nic ac'id (טענ׳-איק עס׳-איד) גאַרב-שטאָף, גאַרב-זויערע, טאַנין [אַזאַ שטאַרקער כעמישער שטאָף, ווערט געברויכט אין פאַרבונג, גאַרבונג און אין מעדיצין].

tannif'erous *a.* (טע-ניפ׳-ע-ראָס) וואָס ענטהאַלט אָדער וואָס גיט אַרויס גאַרב-זויערע אָדער טאַנין. ז. *tannic acid*

tan'nikin *n.* (טענ׳-אי-קין) אַ מיידעל; אַ יונגע פרוי.

tan'nin *n.* (טענ׳-אין) דער טאַנין, דער גאַרב-שטאָף. ז. *tannic acid*

tan'ning *n.* (טענ׳-אינג) דאָס גאַרבען; אַ ברוינער קאָליר פון דער הויט [פון אָבגעברענט ווערען אויף דער זון]; דאָס פערהאַרטעווען די שטאָפען, פון וועלכע מען מאַכט נאָכגעמאַכטען מאַרמאָר; דאָס שמייסען.

tan'-ooze *n.* (טענ׳-אוהז) דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך אָנגעצויגען פון גאַרבער-קאָרע, וועלכע האָט זיך געווייקט אין איהם.

tan'-pick'le *n.* (טענ׳-פּיק׳ל) ז. *tan-ooze*

tan'-pit *n.* (טענ׳-פּיט) אַ גאַרבער-גרוב [אַ גרוב אין וועלכען עס ווערט אַרײַנגעלעגט פעל צום גאַרבען].

tan'-stove *n.* (טענ׳-סטאָוו) אַ טרייב-הויז, אַן אָראַנזשערײַ מיט בייטען אויסגעבעט מיט גאַרבער-קאָרע צו לאָזען וואַקסען פּלאַנצען אום ווינטער.

tan'sy *n.* (טענ׳-זי) ווערים-קרויט [אַ מין ביטער-קרויט מיט געלע בליטהען].

Tansy

tantal'ic *a.* (טען-טעל׳-איק) וואָס איז שייך צו טאַנטאַלום [אַזאַ מינעראַל]. ז. *tantalum*

tan'talism *n.* (טענ׳-טע-ליזם) טאַנטאַליזם, טאַנטאַל׳ס יסורים, די יסורים פון צוקומען נאָהענט צו אַ שטאַרק-געווינשטען, אָבער אונדערגרייכבאַרען פערלאַנג. ז. *tantalization*

tan'talite *n.* (טענ׳-טע-לאַיט) דער טאַנטאַליט [אַ זעלטענער זעהר שווערער מעטאַל].

tanta'lium *n.* (טען-טיי׳-לי-אָם) ז. *tantalum*

tantaliza'tion *n.* (טען-טע-לי-זיי׳-שאָן) דאָס לײַדען אָדער דאָס מאַכען לײַדען טאַנטאַל׳ס יסורים, די יסורים פון זײַן נאָהענט נעבען אַ געווינשטען ציעל, אָבער קיינמאָל ניט דערגרייכען איהם [די לעגענדען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע דערצעהלען, אַז איינער טאַנטאַל האָט אַמאָל אַרויסגעגעבען די סודות פון די געטער, און דערפאַר האָבען די געטער איהם בעשטראָפט דערמיט, וואָס מען האָט איהם אַרײַנגעזעצט אין אַ טייך פון קלאָרען פרישען וואַסער, וואָס איז איהם דערנאָנגען ביז׳ן מויל. איבער זײַן קאָפּ זײַנען אָראָבגעהאָנגען זעהר גוטע און געשמאַקע פרוכטען. נאָר ווען טאַנטאַל פלעגט עפענען דאָס מויל צו כאַפּען אַ פרוכט אָדער אַ זופּ צו טהאָן וואַסער, פלעגען די פרוכטען פון אויבען און דאָס וואַסער פון אונטען אָבשפּרינגען צוריק און אויף אַזאַ אופן האָט ער קיינמאָל ניט געקענט שטילען זײַן שרעקליכען הונגער און דורשט].

tan'talize *v.* (טענ׳-טע-לאַיז) מאַכען לײַדען טאַנטאַל׳ס יסורים, צופיהרען נאָהענט צו אַ געווינשטען ציעל, אָבער ניט דערלאָזען צו דערגרייכען איהם. ז. *tantalization*

tan'talizer *n.* (טענ׳-טע-לאַי-זער) איינער אָדער עפּעס וואָס מאַכט פיהלען טאַנטאַל׳ס יסורים. ז. *tantalization*

tan'talizingly *adv.* (טענ׳-טע-לאַי-זינג-לי) מאַכענדיג פיהלען טאַנטאַל׳ס יסורים. ז. *tantalization*

tan'talum *n* (טענ׳-טע-לאָם) טאַנטאַלום, זעהר אַ זעלטענער מעטאַל, וואָס געפינט זיך אין די זעלטענע מינעראַלען טאַנטאַליט און קאָלומביט.

Tan'talus cup (טענ׳-טע-לאָס קאָפּ) אַזאַ שפּיעלצייג, וואָס בעשטעהט פון אַ שיסעלע מיט אַ פיגור פון אַ מענשעלע אינווענינג. אין דעם מענשעלע איז פערבאָרגען אַ מין סיפאָן, וועלכער נעהמט אין זיך אײַן וואַסער. ווען מען גיסט אין שיסעלע וואַסער, דערגעהט דאָס וואַסער אימער ניט העכער ווי ביז׳ן מויל פון דעם מענשעלע.

tan'tamount *a.* (טענ׳-טע-מאַונט) עקוויוואַלענט, גלײַך, דאָס זעלבינע ווי...

tantar'a *n.* (טען-טער׳-אַ) דאָס שאַלען פון אַ טרומייט.

tantiv'y *a., adv., n. and v.* (טען-טיוו׳-אי) זעהר שנעל; אײַלענדיג; מיט שנעלקייט, מיט געשווינדקייט; אַ שנעלע בעוועגונג, אַ האַסטיגע לויפערײַ, אַ גאַלאָפּ; אַ יעגער-אויסגעשרײַ צו לויפען געשווינד; אײַלען, האַסטיג לויפען.

tan'to *adv.* (טענ׳-טאָ) אין מוזיק — טאַנטאָ, צו פיעל, צו האַסטיג.

tan'tra *n.* (טענ׳-טראַ) די טאַנטראַ, אַ טייל פון די סאַנסקריטישע רעליגיעזע שריפטען וואָס איז פול מיט מיסטישע און מאַגישע פאַרשריפטען.

tan'trem *n.* (טענ׳-טרעם) ז. *tantrum*

tan'trism *n.* (טענ׳-טריזם) טאַנטריזם, די לעהרען אָדער די פאַרשריפטען פון דער טאַנטראַ. ז. *tantra*

tan'trum *n.* (טענ׳-טראָם) אַ שלעכטע, אויפגערעגטע שטימונג; אויפרעגונג, צאָרן.

tan'-turf *n.* (טענ׳-טוירף) ז. *tan-balls*

tan'-vat *n.* (טענ׳-וועט) אַ גרויס פאַס וואו מען ווייקט פעל צום גאַרבען.

tan'zib *n.* (טענ׳-זיב) ז. *tanjib*

tan'zimat *n.* (טענ׳-זי-מעט) דער טאַנזימאַט [די קאָנסטיטוציאָן פון טערקישען סולטאַן אַבדול מעדזשיד, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1839].

Ta'oism *n.* (טאַ׳-אָ-איזם) טאַאָאיזם, איינע פון די דריי רעליגיאָנען, וואָס הערשען אין כינאַ [טאַאָאיזם איז געגרינדעט פון דעם כינעזישען פילאָזאָף לאַאָ-טזע, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט קאָנפוציוס. לאַאָ-טזע האָט געלערענט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט בעהערשט פון דער העכסטער פערנונפט "טאַאָ", און דער ציעל פון מענשליכען לעבען בעשטעהט אין דער שטרעבונג צו "טאַאָ"].

Ta'oist *n.* (טאַ׳-אָ-איסט) אַ טאַאָאיסט, אַן אָנהענגער פון טאַאָאיזם. ז. *Taoism*

ta'o-tai' *n.* (טאַ׳-אָ-טאַי׳) אַ כינעזישער גובערנאַטאָר.

tap *n. and v.* (טעפּ) אַ הילצערנער צאַפּען אָדער קראַן פון אַ פאַס; שנאַפּס אָדער ליקער וואָס ווערט אַרויסגעלאָזען פון פאַס דורך׳ן צאַפּען; אַן אינסטרומענט אויסצושניידען דעם גווינט פון אַ שרויף-מוטער [מוטערקע]; אַ לייכטער קלאַפּ [ווי מיט די פינגער אָדער מיט אַ קליינער זאַך]; אין מיליטער — אַ סיגנאַל דורך דער פּויק אָדער טרומייט, בײַ וועלכען אַלע לאָמפּען אין די קאַזאַרמעס אָדער פּאַלאַטקעס דאַרפען אויסגעלאָשען ווערען; אַ שטיקעל לעדער וואָס ווערט אַרויפגעשלאָגען אויף דער זויל פון אַ שוך בײַם פערריכטען איהם; אַ שענק, וואו מען פערקויפט שנאַפּס פון פאַס; די אײַזען-אַש וואָס בעקומט זיך פון גליהען אײַזען; אַרויסלאָזען ליקער פון אַ פאַס דורך׳ן צאַפּען; דורכלעכערען אַ פאַס, כדי אַרויסצולאָזען דעם ליקער; מאַכען אַן אײַנשניט אין אַ בוים, כדי אַרויסצולאָזען דעם זאַפט; אַרײַנשניידען, אַרײַנדרינגען; אָבצאַפּען, אָנצאַפּען; לייכט אָנקלאַפּען [ווי מיט די פינגער]; פּיקען מיט׳ן שנאָבעל.

ta'pa *n.* (טאַ׳-פּאַ) אַ מין צייג פון קאָרע, וואָס ווערט פיעל געברויכט בײַ די אײַנוואוינער פון די אינזלען פון פּאַסיפישען אָקעאַן.

tapade'ra *n.* (טעפּ-ע-דיי׳-ראַ) אַזאַ האַרטער לעדער וואָס בעדעקט דעם שטייגבינגעל פון אַ זאַטעל [ז. *stirrup*] און דערלאָזט ניט דעם פוס אַרויסצורוקען זיך פאָרווערטס.

tap'-bar *n.* (טעפּ׳-באַר) ז. *tap-hole*

tap'-bor'er *n.* (טעפּ׳-באָר׳-ער) אַן ענבער אויסצובויערען אַ צאַפּען-לאָך.



Tap-borer

tap'-cin'der *n.* (טעפּ׳-סינ׳-דער) אײַזען-אַש, וואָס בעקומט זיך פון גליהען אײַזען.

tape *n. and v.* (טייפּ) אַ טאַשמע, אַ לענטע, אַ שמאָלער באַנד; אין טעלעגראַפיע — אַ שמאָלער שטרייף פּאַפּיער, אויף

וועלכען עס דרוקען זיך אב די טעלעגראפישע צייכענס; א באנד־מאס [א מאס, ווי א מעטער אדער יארד, וואס בעשטעהט פון א לאנגען, שמאלען באנד מיט שטריכען און ציפערען, וועלכע בעצייכנען די סאנטימעטערן אדער צאלען]; א לאנגע מעטאלענע לענטע; דער באנד־ווארים [ז. *tapeworm*]; שטארקע משקה, שנאפס; אננעהען טאשמעס; פערבינדען מיט א טאשמע; אויסציהען ווי א באנד.

tape'-line *n.* (טייפ'-לאין) א באנד־מאס [א לענג־מאס פון א שמאלען באנד, וואס דרעהט זיך אן אויף א ראלע].

tape'-meas'ure *n.* (טייפ'-מעזש'-אור) א באנד־מאס [ווי ביי שניידער].

ta'per *n., a. and v.* (טיי'-פער) די שטופענווייזע פערקלענערונג פון דער דיק אדער פון דיאמעטער [ווי ביי א קאנוס]; א ליכט וואס ענדיגט זיך עטוואס שפיציג [ווי נעצוינענע חלב־ליכט]; א דין ליכטעל; שפיציגליך, פיראמידיש, קאניש [וואס ווערט ביסלעכווייז אלץ קלענער אין דיאמעטער]; פערקלענערט, פערמינדערט; ווערען ביסלעכווייז קלענער אין דיאמעטער, זיך ביסלעכווייז ענדיגען מיט א שפיץ, ווערען קאניש אדער פיראמידיש; זיך פערקלענערען, זיך פערמינדערען; מאכען שטופענווייז שפיציגליך, פערקלענערען ביסלעכווייז דעם דיאמעטער [ווי ביי א קאנוס].

ta'pering *a.* (טיי'-פער-אינג) וואס דער דיאמעטער ווערט ביסלעכווייז קלענער [ווי ביי א קאנוס], וואס ווערט אלץ דינער צום ענד.

ta'peringly *adv.* (טיי'-פער-אינג-לי) ווערענדיג אלץ דינער צום ענד [ווי א קאנוס].

ta'perness *n.* (טיי'-פער-נעס) קאנוסארטיגקייט. ז. ***taper***.

ta'per off (טיי'-פער אף) ווערען אלץ דינער און דינער; ביסלעכווייז אויפהערען.

ta'per-poin'ted *a.* (טיי'-פער-פאינ'-טעד) שפיציג, פערשפיצט [וועגען פלאנצען און פלאנצען־טיילען].

ta'per-stand *n.* (טיי'-פער-סטענד) אזא לייכטער, אויף וועלכען די ליכט ווערען ארויפגעשטאכען.

ta'perwise *adv.* (טיי'-פער-הוואיז) ז. ***taperingly***.

tap'estried *a.* (טעפ'-עס-טריד) געוועבט אדער געהאפט אין דער פארם פון טעפיך־טאפעטען. ז. ***tapestry***.

tap'estry *n. and v.* (טעפ'-עס-טרי) טעפיך־טאפעטען [אזא צייג מיט אויסגענעהטע אוזארען, מיט וועלכע מען בעהענגט די ווענד פון א זאל אדער מען בעשלאגט טייערע מעבעל]; בעציערען מיט טעפיך־טאפעטען.

tap'estry car'pet (טעפ'-עס-טרי קאר'-פעט) אן ארט טעפיך אדער קאוויאר, אויף וועלכען די אוזארען זיינען ניט געוועבט נאר אויסגעהאפט.

tap'estry-pain'ting *n.* (טעפ'-עס-טרי-פיינ'-טינג) געדרוקטע וועב־שטאף אלס נאכאהמונג פון טעפיך־טאפעטען. ז. ***tapestry***.

tap'eti *n.* (טעפ'-ע-טי) דער בראזיליאנער האז [א קליינער האז פון דרום־אמעריקא, וואס איז עהנליך צום צפון־אמעריקאנישען קראליק].

tape'-work *n.* (טייפ'-חוואירק) ארנאמענטען געמאכט פון געפלאכטענע טאשמעס.

tape'worm *n.* (טייפ'-הוואירם) דער באנד־ווארים אדער סאליטער, א לאנגער פאראזיטישער ווארים, וואס געפינט זיך אפט אין די געדערים ביי מענשען און טהיערע [די איל. בעווייזט דעם קאפ און א טייל פון א סאליטער ווי מען זעהט איהם דורך א פערגרעסערונגס־גלאז].



Tapeworm

tap'-hole *n.* (טעפ'-האול) אן אבפלוסלאך, דאס לאך אין א שמעלץ־אויווען ארויסצולאזען צושמאלצענעם מעטאל, איבערגעברענטע מעטאל־אש א. ד. ג.

tap'-house *n.* (טעפ'-האוס) א שענק.

tapio'ca *n.* (טעפ-אי-או'-קא) טאפיאקא [אזא מעהל־שפייז אין דער פארם פון רונדע גרויסע גריץ וואס בעקומט זיך פון די ווארצלען פון דער מאניאקא אדער קאסאווא־פלאנצע].

ta'pir *n.* (טיי'-פויר) דער טאפיר [א מין זויג־טהיער מיט קורצע דיקע פיס און מיט א קורצען ווייכען שנויץ].


Tapir

tap'iroid *a. and n.* (טעפ'-אי-ראיד) וואס איז שייך צו די טאפירען; א טאפיר־עהנליכעס זויג־טהיער. ז. ***tapir***.

tap'is *n.* (טעפ'-אים) וואלענע צייג וואס ווערט בענוצט פאר טאפעטען און טעפיכען; דאס טישטוך אויף א טיש ביי אן אפיציעלער זיצונג.

tap'lash *n.* (טעפ'-לעש) אויסגעוועפטעס ביער אדער ליקער וואס טריפט ארוים פון צאפען פון פאס.

tap'net *n.* (טעפ'-נעט) אזא קארב, אין וועלכען פייגען ווערען געפאקט צום עקספארטירען.

tapote'ment *n.* (טע-פאט'-מענט) אין מעדיציו — דאס קלאפען אדער אויסקלאפען דעם קערפער [ביים מאכען מאסאזש].

tap'per *n.* (טעפ'-ער) איינער אדער עפעס וואס קלאפט לייכט; א האלץ־פיקער [אזא פויגעל]; א טעלעגראף־שליסעל, וואס קלאפט אוים די טעלעגראף־צייכענס.

tap'ping *n.* (טעפ'-אינג) דער שטאף, דאס דורכשטעכען [די דורכשטעכונג פון א לאך אין א פאס, אין א רעהר א. ד. ג ארויסצולאזען וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען]; אין כירורגיע — דאס ארויסלאזען אנגעקליבענע פליסיגקייט פון קערפער; דאס לייכט אנקלאפען; א לייכטע אדער זאנפטע קלאפעריי; אין מעטאל־גיסעריי — דאס לייכט פאנאנדערשאקלען דעם מאדעל אום ארויסצונעהמען איהם פון דעם זאמד, אין וועלכען מען גיסט דאס צושמאלצענע מעטאל.

tap'-plate *n.* (טעפ'-פלייט) א שטאהל־פלאטע מיט לעכלעך, אין וועלכע עס ווערען אויסגעשניטען די גווינטען פון א שרויף.

tap'-room *n.* (טעפ'-רוהם) א טרינקשטוב, א שענק.

tap'-root *n.* (טעפ'-רוהט) דער הויפט ווארצעל פון א פלאנצע.

tap'ster *n.* (טעפ'-סטער) א יונג אדער א קעלנער אין א שענק.

tapu' *n., a. and v.* (טע-פוה') ז. ***taboo***.

tap'-wai'ter *n.* (טעפ'-הוויי'-טער) דער קעלנער פון א שנעק.

ta'qua-nut *n.* (טע'-קהווא-נאט) ז. ***ivory-nut***.

tar *n. and v.* (טאר) טער, סמאלע, דזשעגאכץ, פעך; שיף־דזשעגאכץ; א מאטראז; אויספעכען; בעשמיערען מיט דזשעגאכץ.

tar and feath'er (טאר ענד פעטה'-ער) בעגיסען איינעם מיט הייסע פעך, טער אדער דזשעגאכץ און בעקלעפען איהם מיט פעדערען [א פארצייטיגע שטראף].

taran'dus *n.* (טע-רענ'-דאס) דאס רענטהיער. ז. ***reindeer***.

tarantass' *n.* (טער-ען-טעס') א טאראנטאס [אזא רוסישע קארעט].

tarantel'la *n.* (טער-ען-טעל'-א) די טאראנטעלא [אזא נעאפאליטאנישער טאנץ מיט לייכטע און שנעלע בעוועגונגען].

tarantelle' *n.* (טער-ען-טעל') ז. ***tarantella***.

tar'antism *n.* (טער'-ען-טיזם) דער טאראנטיזם, די טאנץ־מאניע [אזא משוגעת].

tarantis'mus *n.* (טער-ען-טיס'-מאס) ז. ***tarantism***.

taran'tula *a.* (טע-רענ'-טשו-לא) די טאראנטולא, א מין גיפטיגע שפין וואס לעבט צווישען שטיינער, אין לעכער און שפאלטען [די טאראנטולא מאכט ניט קיין שפינוועב].

Tarantula

taran'tular *a.* (טע-רענ'-טשו-לאר) וואס איז שייך צו א טאראנטולא. ז. ***tarantula***.

taran'tulated *a.* (טע-רענ'-טשו-ליי-טעד) נעביסען פון א טאראנטולא [ז. ***tarantula***]; וואס ליידעט פון טאראנטיזם [ז. ***tarantism***].

tar'apatch *n.* (טער'-ע-פעטש) אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, וואס ווערט נעברויכט אויף די סאנדוויטש־אינזלען.

tarax'acin *n.* (טע-רעק'-סע-סין) טאראקסאסין, אזא ביטערער שטאף וואס ווערט ארויסגעצויגען פון דער פוטער־בלום [ז. ***dandelion***].

tarax'is *n.* (טע-רעק'-סים) א לייכטע ענטצינדונג פון דעם אויג.

tarboosh' *n.* (טאר-בוהש') דער טארבוש, די טערקישע פעסקע [א מין רויטע יארמולקע מיט א שווארצען פראנזש פון מיטען. ווערט געטראגען כמעט פון אלע מוסולמאנישע פעלקער].

tar'-box *n.* (טאר'-באקס) אזא קעסטעלע מיט דזשעגאכץ אדער טער וואס פאסטוכער טראגען צו בעשמיערען די וואונדען און געשווירען פון שעפסען.

tar'-brush *n.* (טאר'-בראש) א טער־בערשטעל אדער דזשעגאכץ־פענזיל.

tardan'do *a.* (טאר-דענ'-דא) ז. ***ritardando***.

tarda'tion *n.* (טאר-דיי'-שאן) די פערשפעטיגונג, די פערציהונג.

Tardig'rada *n.* (טאר-דיג'-ריי-דא) אן אבטיילונג פון די אהן־צייהנינע זויג־טהיע־

רע, צו וועלכע עס געהערט אויף דאס פויל=טהיער.

tar′digrade *a. and n.* (טאר′-די-גרייד) פון די לאנגזאם=געהענדע [ווענען געוויסע מינים זויג=טהיערע]; א לאנגזאם=געהענדעם זויג=טהיער.

tar′dily *adv.* (טאר′-די-לי) אויף א לאנגזאמען, פערשפעטינענדען שטייגער; מיט ווידערווילען, אונווילינ; צו שפעט.

tar′diness *n.* (טאר′-די-נעס) לאנגזאמקייט; פערשפעטיגונג; ווידערווילען, ניטגערנקייט, פוילקייט.

tar′do *a.* (טאר′-דא) אין מוזיק — לאנגזאם.

tar′do *n.* (טאר′-דאו) א פויל=טהיער. ז. ***sloth***

tar′dy *a.* (טאר′-די) לאנגזאם, פויל; שפעט; אונווילינ.

tar′dy-gai′ted *a.* (טאר′-די-גיי′-טעד) וואס געהט לאנגזאם; וואס ריהרט זיך שווער; אונגעלומפערט.

tar′dy-ri′sing *a.* (טאר′-די-ראי′-זינג) וואס וואקסט לאנגזאם.

tare *n. and v.* (טעהר) — אין קאמערץ די טארא, דאס געוויכט פון דער פערפאקונג פון א סחורה [ווי דער קאסטען, די ראגאזשע, דאס פאפיער א. ד. ג.] אהן דער סחורה גופא; אין כעמיע — א פוסטע כלי, וואס איז עהנליך צו דער כלי, אין וועלכער עס קומט פאר א כעמישער פראצעס, און דיענט צו פערבייטען איהר, ווען עס קומט פאר אן ענדערונג אין איהר געוויכט; אין באטאניק — די פוטער=וויקע [א מין לינזען=גראז מיט בלויליכע בליהונגען]; אראברעכנען דאס טארא=געוויכט [דאס געוויכט פון דער פערפאקונג].

tarentel′la *n.* (טער-ען-טעל′-א) ז. ***tarantella***

tar′entism *n.* (טער′-ען-טיזם) ז. ***tarantism***

taren′tula *n.* (טע-רען′-טשו-לא) ז ***tarantula***

targe *n. and v.* (טארדזש) א שילד, א האנד=פאנציר; האלטען אונטער א שטרענגער דיסציפלין; שטרענג עקזאמענירען, שטרענג אויספרעגען; אויסזידלען, אנשרייען.

targe′man *n.* (טארדזש′-מען) איינער וואס טראגט א שילד אדער האנד=פאנציר.

tar′get *n.* (טאר′-געט) א שיס=ציעל, א שיס=ברעט; א ציעל=ברעט; עפעס, צו וואס א ציעל איז געריכטעט; אויף אן אייזענבאהן — די ראהם אדער דער האלטער פון א סיגנאל=צייכען; א שילד.

tar′geted *a.* (טאר′-געט-עד) בעוואפענט מיט א שילד; געפאנצערט.

targeteer′ *n.* (טאר-גע-טיער′) א שילדטרעגער; א לייכט בעוואפענטער גריכישער אדער רוימישער סאלדאט.

tar′get-fir′ing *n.* (טאר′-געט-פאיר′-אינג) דאס שיסען אין א ציעל=ברעט.

Tar′gum *n.* (טאר′-גאם) דער תרגום [די כאלדעאישע אדער אראמעאישע איבערזעצונג פון תנ"ך].

Tar′gumist *n.* (טאר′-גאם-איסט) א תרגומיסט, א קענער פון תרגום [די כאלדעאישע אדער אראמעאישע איבערזעצונג פון תנ"ך].

tar′iff *n. and v.* (טער′-איף) א טאריף, א רייסטער פון סחורות מיט די שטייערען וואס דארפען אויף זיי נעצאהלט ווערען ביים אריינפיהרען אדער ארויספיהרען פון לאנד; די צאהלונגען אדער שטייערען וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף געוויסע סחורות לויט א געוויסער ליסטע אדער טאבעלע; א פרייז=ליסטע [ווי פון טעלעגראף א. ז. וו.]; דאס געזעץ וואס רעגולירט די צאהלונגען אויף אריינגעפיהרטע סחורות; מאכען א טאריף אדער א ליסטע פון צאהלונגען אויף אריינגעפיהרטע סחורות; בעשטימען דעם ווערטה פון עפעס.

tar′in *n.* (טער′-אין) ז. ***siskin***

tar′latan *n.* (טאר′-לע-טען) זעהר א דינער מוסלין [אזא צייג].

tar′nal *a. and adv.* (טאר′-נעל) פערדאמט; צום טייוועל.

tarna′tion *a. and adv.* (טאר-ניי′-שאן) ז. ***tarnal***

tar′nish *v. and n.* (טאר′-ניש) אראבנעהמען דעם גלאנץ; מאכען מאט; מאכען מוטנע אדער טריב; בעשמוצען, בעפלעקען; פערלירען דעם גלאנץ; ווערען מוטנע אדער טריב; א פלעק; דאס פערלירען דעם גלאנץ.

tar′nishable *a.* (טאר′-ניש-עבל) וואס קען פערלירען דעם גלאנץ.

tar′nisher *n.* (טאר′-ניש-ער) איינער אדער עטוואס וואס נעהמט אראב דעם גלאנץ, מאכט מוטנע אדער טריב.

ta′ro *n.* (טא′-ראו) טארא [אזא שפייז=פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די ווארימע געגענדען].

tar′oc *n.* (טער′-אק) ז. ***tarot***

tar′-oil *n.* (טאר′-איל) טער=אויל [אזא אויל וואס ווערט ערהאלטען פון דיסטילירען טער אדער דזשענאכץ].

tar′ot *n.* (טער′-אט) איינער פון די שפיעל=קארטען וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען אין איטאליען [א טעשעל פון אזעלכע קארטען איז בעשטאנען פון 78 שטיק]; א שפיעל מיט אזעלכע קארטען.

tar′pan *n.* (טאר′-פען) אזא קליינעם ווילדעם פערד.

tarpau′lin *n.* (טאר-פאה′-לין) זעגעלטוך וואס איז אנגעשמיערט מיט טער [סמאלע] אז קיין וואסער זאל ניט קענען דורכגעהן; צייג וואס איז געמאכט, אז עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער; א מאטראזען=היטעל וואס איז געמאכט פון צייג וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער; א מאטראז.

tarpau′ling *n.* (טאר-פאה′-לינג) ז. ***tarpaulin***

tarpaw′ling *n.* (טאר-פאה′-לינג) ז. ***tarpaulin***

tar′pon *n.* (טאר′-פאן) אזא גרויסער עסבארער ים=פיש, וועלכער האט די עהנליכקייט צו א הערינג [זיינע שופען זיינען זעהר גרויסע און פון א זילבער=ווייסען קאליר און ווערען בענוצט פאר פערציערונגען].



Tarpon

tar′ragon *n.* (טער′-ע-גאן) עסטראגאן אדער דראגאן [אזא אראמאטישע פלאנצע].

tarred pa′per (טארד פיי′-פער) טער=פאפיער [אזא דיקעס פאפיער וואס איז בעשמיערט מיט טער אדער סמאלע און ווערט בענוצט צום דעקען דעכער].

tar′riance *n.* (טער′-אי-ענס) א פערווייַלונג, א פערזאמונג; אן אבלעגונג.

tar′rier *n.* (טער′-אי-ער) איינער וואס פערזאמט אדער לעגט אב.

tar′rock *n.* (טער′-אק) א ים=שוואלב; א ווינטער=מעווע, א יונגע דריי=פינגערדיגע מעווע אדער טשאיקע [אזא ים=פויגעל].

tar′ry *a.* (טאר′-אי) וואס בעשטעהט פון טער; בעשמיערט מיט טער.

tar′ry *v.* (טער′-אי) פערזאמען, פערווייַלען; בלייבען; ווארטען; אבלעגען, פערציהען.

tar′rying *n.* (טער′-אי-אינג) דאס פערווייַלען; דאס ווארטען; דאס אבלעגען, דאס פערציהען.

tar′sal *a. and n.* (טאר′-סעל) וואס איז שייך צו דעם פוס=ווארצעל [דער ענד פון פוס וואו עס קומען ארוים די פינגער]; דער פוס=ווארצעל ביין.

tar′sal joint (טאר′-סעל דזשאינט) דער פוס=ווארצעל=געלענק, דער פוס=קנעכעל=געלענק.

tar′sia *n.* (טאר′-סי-א) טארסיא, אזא מאזאאיק פון קליינע קאלירטע שטיקלעך האלץ.

tarsiatu′ra *n.* (טער-סי-ע-טוה′-רא) ז. ***tarsia***

tar′sier *n.* (טאר′-סי-ער) א טארסיער, די לאנג=פיסיגע אפע [אזא אפען=עהנליכע חיה מיט לאנגע הינטערשטע פיס].

Tarsier

tarsor′rhaphy *n.* (טאר-סאר′-ע-פי) אן אפעראציאן צו פערקלענערען די עפנונג פון די אויגען=לעדלעך.

tar′sus *n.* (טאר′-סאס) דער פוס=ווארצעל [דער ענד פון פוס פון וואנען עס קומען ארויס די פינגער]; די דינע שיכט פון כראמשקע [קנארפעל] ביי דעם ראנד פון די אויגען=לעדלעך.

tart *a. and n.* (טארט) 1. זויער, שארף [אין טעם]; 2. שניידענד, בייסענד, בייז; 3. א טארט.

2. To my courteous inquiry he made a tart reply.

tar′tan *n. and a.* (טאר′-טען) טארטאן, א מין שאטישעס געשטרייפטעס און געקעסטעלטעס געוואנד אין פערשיעדענע פארבען; דער מוסטער פון טארטאן; אזא איין=מאסטיגע האנדעלס=שיף; געשטרייפט און געקעסטעלט אין פערשיעדענע פארבען ווי טארטאן.

tar′tar *n. and v.* (טאר′-טאר) וויינשטיין [אזא שטאף וואס זעצט זיך אב אויף די ווענד און דעקען פון ויין=פעסער]; אזא שטיין=ארטינער שטאף פון גרינליכען קאליר וואס זעצט זיך אב אויף די צייהנער; אנזעטיגען מיט וויינשטיין.

Tar′tar *n. and a.* (טאר′-טאר) דער טארטארוס, דער גיהנם, די העל; א טאטער; א בארבאר; טאטעריש.

tar'tarated *a.* (טאר'-טע-ריי-טעד) פערבונדען מיט וויינשטיין. ז. *tartar*.

Tarta'rean *a.* (טאר-טיי'-רי-ען) פון טארטארוס, פון גיהנם; ווי דער גיהנם, ווי די העל.

tarta'reous *a.* (טאר-טיי'-רי-אס) וואס ענטהאלט אדער בעשטעהט פון וויינשטיין; עהנליך צו וויינשטיין. ז. *tartar*.

Tarta'reous *a.* (טאר-טיי'-רי-אס) ז. *Tartarean*.

Tarta'rian *a. and n.* (טאר-טיי'-רי-ען) ז. *Tatarian*.

tartar'ic *a.* (טאר-טער'-איק) וויינשטיין-עהנליך, וויינשטייניג.

Tartar'ic *a.* (טאר-טער'-איק) ז. *Tataric*.

tartar'ic ac'id (טאר-טער'-איק עס'-איד) וויינשטיין-זויערע [אזא זויערע, וואס קריסטאליזירט זיך אין ווייסע ראמבפערמיגע קריסטאלען, וועלכע האבען זעהר א זויערען טעם און ווערען שנעל פאנאנדערגעלאזען אין וואסער. וויינשטיין-זויערע ווערט פיעל געברויכט אין פארבען און אויך אין מעדיצין].

tar'tarine *n.* (טאר'-טע-רין) טארטארין, אזא זארט טייערער כינעזישער אדער אינדישער זייד.

tartariza'tion *n.* (טאר-טע-רי-זיי'-שאן) די בילדונג פון וויינשטיין, אנזאפונג מיט וויינשטיין.

tar'tarize *v.* (טאר'-טע-ראיז) אנזאפען מיט וויינשטיין.

Tar'tarize *v.* (טאר'-טע-ראיז) ז. *Tatarize*.

tar'tarous *a.* (טאר'-טע-ראס) וויינשטייניג, וויינשטיין-עהנליך; וואס ענטהאלט וויינשטיין, וואס בעשטעהט פון וויינשטיין.

Tar'tarous *a.* (טאר'-טע-ראס) טאטעריש; בארבאריש.

Tar'tarus *n.* (טאר'-טע-ראס) דער טארטארוס, דער גיהנם, די העל, די שאול תחתיה.

tart'let *n.* (טארט'-לעט) א טערטעל, א קליינער טארט.

tart'ly *adv.* (טארט'-לי) זויער, שארף [אין טעם]; בייסיג, שניידענד [אין שפראך].

tart'ness *n.* (טארט'-נעס) זויערקייט, שארפקייט [אין טעם]; בייסיגקייט, שניידיגקייט [אין שפראך].

tar'trate *n.* (טאר'-טרייט) וויינשטיין-זויער-זאלץ [א זאלץ וואס בעקומט זיך פון וויינשטיין-זויערע. ז. *tartaric acid*].

Tartufe' *n.* (טאר-טופ') ז. *Tartuffe*.

Tartuffe' *n.* (טאר-טאף') א טארטוף, א היפאקריט, א צבוע'ק.

Tartuf'fism *n.* (טאר-טאפ'-איזם) צבוע'טסטווע, היפאקריטסטווע.

Tartuf'ism *n.* (טאר-טאפ'-איזם) ז. *Tartuffism*.

tarve *n.* (טארוו) א קרימונג, א בויגונג.

tar'-wa'ter *n.* (טאר'-הוואה'-טער) טער-וואסער [אזא פליסיגקייט פון וואסער מיט געריינינגטען טער אדער דזשעגאכץ. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

tas'co *n.* (טעס'-קאו) אזא זארט ליים פון וועלכען מען מאכט שמעלץ-טיגלען.

tash *n* (טעש) אזא זארט זיידען-צייג וואס איז דורכגעוועבט מיט פיעלע זילבער און גאלד-פעדים.

tasim'eter *n.* (טע-סימ'-ע-טער) א טאסימעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען קליינע ענדערונגען פון דרוק און די קליינע ענדערונג אין דער טעמפעראטור וואס קומט דורך דעם פאר].

tasimet'ric *a.* (טעס-אי-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו די מעסטונגען פון דרוק; וואס איז שייך צו א טאסימעטער [ז. *tasimeter*].

task *n. and v.* (טעסק) אן אויפגאבע, א לעקציאן; אן ארבייט; אן אונטערנעהמונג; א געשעפט; אן אונטערנומענע ארבייט; א מיהזאמע ארבייט; געבען אן אויפגאבע; ארויפלעגען א בעשטימטע ארבייט.

tas'ker *n.* (טעס'-קער) איינער וואס גיט אויף אדער לעגט ארויף ארבייט.

tas'king *n.* (טעס'-קינג) ז. *task-work*.

task'master *n.* (טעסק'-מעס-טער) איינער וואס גיט אויף ארבייט; איינער וואס גיט אויף א לעקציאן; א ווערק-מייסטער, אן אויפזעהער איבער ארבייט.

task'mistress *n.* (טעסק'-מיס-טרעס) א פרוי וואס גיט אויף ארבייט; אן ארבייטס-אויפזעהערין.

task'-work *n.* (טעסק'-הוואירק) אויפגעגעבענע ארבייט; שטיק-ארבייט, אקארד-ארבייט.

Tasma'nian *a. and n.* (טעס-מיי'-ני-ען) וואס איז שייך צום אינזעל טאסמאניע [אין אויסטראליען]; א טאסמאניער, א געבארענער אדער אן איינוואוינער פון טאסמאניען.

tass *n.* (טעס) א טרינק-בעכער, א טרינק-גלעזעל; א שנאפס, א שנעפסעל.

tassa'go *n.* (טע-סא'-גא) אין דרום-אמעריקא — א געריכט פון געטריקענטען פלייש.

tas'sel *n. and v.* (טעסל) א פרענג, א פראנזל, א קוטאס; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פראנזל; א בלאט-צייכען, א לעזע-צייכען [א בענדעל אדער שנירעל, וואס ווערט אריינגעקלעפט אין א בוך צום בענוצען עס אלס צייכען צווישען די בלעטער, וואו מען האט זיך אבגעשטעלט ביים לעזען]; בעפוצען מיט פרענגען אדער פראנזלען; אראבנעהמען די פרענגען-עהנליכע פעדים פון קוקורוזע אדער מאאיס אום עס זאל בעסער וואקסען; ארויסלאזען פון זיך פרענגען-עהנליכע בליהונג.

tas'seled *a.* (טעסלד) מיט פרענגען אדער פראנזלען [קוטאסען].

tas'selled *a.* (טעסלד) ז. *tasseled*.

tas'table *a.* (טייס'-טעבל) וואס מען קען פערזוכען, וואס לאזט זיך פערזוכען; געשמאק.

taste *v. and n.* (טייסט) פערזוכען, אבפראבירען [שפייזען אדער געטרענקען]; געניסען; אבפראבירען דעם געשמאק; האבען פאר עטוואס א געשמאק אדער א נייגונג; זיך דערוויסען, דערקענען; אנערקענען, וויסען פון ערפאהרונג; האבען א געשמאק; דאס פערזוכען אדער אבפרובירען; א פראבע; א געשמאק; א טעם; א מוסטער; א נייגונג; א שמאלער זיידענער באנד.

tas'ted *a.* (טייס'-טעד) מיט געשמאק; וואס האט א געשמאק.

taste'ful *a.* (טייסט'-פול) געשמאק, וואס האט אן אנגענעהמען געשמאק; געשמאקפול, מיט א גוטען געשמאק; עלעגאנט, שעהן.

taste'fully *adv.* (טייסט'-פול-אי) מיט א גוטען געשמאק; געשמאקפול.

taste'fulness *n.* (טייסט'-פול-נעס) דאס זיין געשמאקפול.

taste'less *a.* (טייסט'-לעס) געשמאקלאז, אהן געשמאק, אהן טעם.

taste'lessly *adv.* (טייסט'-לעס-לי) אויף א געשמאקלאזען אופן.

taste'lessness *n.* (טייסט'-לעס-נעס) געשמאקלאזיגקייט.

tas'ter *n.* (טייס'-טער) אן אבפראבירער אדער פערזוכער [פון עסענס אדער געטרענקען]; א לעפעל אדער גלעזעל מיט וואס מען פראבירט אדער פערזוכט.

tas'tily *adv.* (טייס'-טי-לי) געשמאקפול, מיט א גוטען געשמאק.

tas'to so'lo (טעס'-טאו סאו'-לאו) אין מוזיק — אן אנווייזונג, אז מען זאל שפיעלען בלויז די באס-נאטען אהן אנדערע אקארדען.

tas'ty *a.* (טייס'-טי) מיט געשמאק; געשמאק, עלעגאנט, שעהן.

tat *n. and v.* (טעט) א לופעטע, א שמאטע; קלייבען שמאטעס אדער לופעטעס; שטריקען אדער טאמבורירען א געוויסען זארט שפיצען [קרוזשעווע]; בעפוצען דורך טאמבורירטע שפיצען.

ta'ta *n.* (טא'-טא) — אין מערב-אפריקא די רעזידענץ פון דעם הויפט אדער עלטערען פון א בעצירק.

ta'ta *n.* (טיי'-טא) אזא קוסטען-פלאנצע פון בראזיליען.

Ta'tar *n. and a.* (טא'-טאר) א טאטער; וואס איז שייך צו א טאטער אדער צו טאטערען; טאטעריש.

Tata'rian *a. and n.* (טא-טיי'-רי-ען) טאטעריש; וואס איז שייך צו די טאטערען; א טאטער.

Tatar'ic *a.* (טא-טער'-איק) טאטעריש; פון טאטערען.

Ta'tarize *v.* (טא'-טע-ראיז) מאכען פאר א טאטער.

tat'ou *n.* (טעט'-אוה) א פאנצער-טהיער, א גארטעל-טהיער; דאס בראזילישע ריעזען פאנצער-טהיער אדער גארטעל-טהיער [ז. *armadillo*].

tat'ouay *n.* (טעט'-או-איי) דאס זיד-אמעריקאנישע פאנצער-טהיער אדער גארטעל-טהיער. ז. *armadillo*.

tatt *v.* (טעט) טאמבורירען אדער שטריקען א געוויסען זארט שפיצען [קרוזשעווע]; בעפוצען דורך טאמבורירטע שפיצען.

tat'ta *n.* (טעט'-א) אזא דינע ראגאזשע [מאטע] אין אסט-אינדיען וואס ווערט געפלאכטען פון אזא שמעקעדיגען גראז און ווערט דארטען בענוצט צו פערהענגען די פענסטער און די טהירען אין די היצען.

tat'ter *v. and n.* (טעט'-ער) צוריסען אדער צוריסען ווערען אין שמאטעס; צוטראגען ביז צו שמאטעס; א שמאטע, א לופעטע, א לאפען; איינער וואס טאמבורירט שפיצען [קרוזשעווע].

tatterdema'lion *n.* (טעט-ער-די-מיי'-ליאן) אן אבגעריסענער, איינער וואס געהט אבגעריסען און אבגעשליסען.

tat'tered *a.* (טעט'-ערד) צוריסען, צולומפט, שמאטעוואטע, אבגעריסען, צובראכען; אנגעטהאן אין שמאטעס אדער לומפען.

tat'tery *a.* (טעט'-ער-אי) אבגעריסען און אבגעשליסען; צולומפט, שמאטעוואטע.

tat'tie *n.* (טעט'-אי) ז. *tatta*.

tat'ting *n.* (טעט'-אינג) אזעלכע טאמבורירטע שפיצען [קרוזשעווע]; דאס טאמבורירען שפיצען.

tat'tle *v. and n.* (טעטל) פלוידערען, פלאפלען, קלאטשען; פלוידעריי, קלאטשעריי, פלאפלעריי, פוסטע דבורים, דברים בטלים.

tat'tler *n.* (טעט'-לער) א פלוידערער,

א באלבעטען, א פלאפלער ; אזא פויגעל מיט לאנגליכע פיס און א לאנגליכען שנא־בעל.

tat'tling *a.* (טעט׳־לינג) פלוידערענד, פלאפלענד.

tat'tlingly *adv.* (טעט׳־לינג־לי) פלוי־דערענדיג, פלאפלענדיג ; רעדענדיג פוסטע דבורים.

tattoo' *v. and n.* (טע־טוה׳) טאטואירען [אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף׳ן לייב] ; טאטואירונג, אויסגעשטאכענע פארביגע פיגורען אויף׳ן לייב ; דאס פוי־קען מיט א פויק.

Tattoo

tattoo'er *n.* (טע־טוה׳־ער) א טאטואי־רער, איינער וואס קען אויסשטעכען פאר־ביגע פיגורען אויף׳ן קערפער.

tattoo'ing *n. and a.* (טע־טוה׳־אינג) טאטואירונג, די קונסט פון אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף׳ן לייב ; די אויס־געשטאכענע פארביגע פיגורען אויף׳ן לייב ; דער קלאנג פון א פויק ; טאטואירענד.

tattoo'ing-nee'dle *n.* (טע־טוה׳־אינג־ניע׳דל) א טאטואיר־נאדעל [א נאדעל מיט וועלכער מען שטעכט אויס פארביגע פיגורען אויף׳ן לייב].

tat'ty *n.* (טעט׳־אי) אזא דינע ראגא־זשע [מאטע] אין אסט־אינדיען, וועלכע איז געפלאכטען פון אזא שמעקעדיגען גראז און ווערט בענוצט צו פערהענגען די פענסטער און די טהירען אין די הייסע וועטערען.

tau'-bone *n.* (טאה׳־באון) א ביין עהנ־ליך צו דעם בוכשטאב **T**.

taught (טאהט) געלערענט, אונטערריכ־טעט. ז. ***teach***.

taunt *v., n. and a.* (טאהנט) שפעטען, חוזק מאכען ; שפאט ; חוזק ; זעהר הויך [ווענען א מאסט פון א שיף].

taun'ter *n.* (טאהנ׳־טער) א שפעטער, א חוזק־מאכער.

taun'tingly *adv.* (טאהנ׳־טינג־לי) שפא־טענדיג, מאכענדיג חוזק ; מיט שטעך־ווערטלעך.

tau'riform *a.* (טאה׳־רי־פארם) אקסען־פערמיג, וואס האט די פארם פון אן אקס אדער פון זיינע הערנער ; אין אסטראנא־מיע — וואס בעצייכענט דעם מזל שור פון דעם זאדיאק אדער מזלות ; וואס האט די פארם פון דעם סימבאל ♉.

tau'rine *a.* (טאה׳־ריין) וואס איז שייך צו אן אקס ; עהנליך צו אן אקס ; וואס איז שייך צום צייכען פון מזל שור [♉] ; וואס איז שייך צו דער פעריאדע ווען די זון, אין דער טאג־און־נאכט־גלייכהייט פון פריהלינג [ז. ***vernal equinox***], האט זיך געפונען אין דער שטערען־גרופע פון מזל שור [דיעזע פעריאדע האט געדויערט פון יאהר 4500 ביז דעם יאהר 1900 פאר קריסטוס׳עס געבורט].

taurobo'lium *n.* (טאה־רא־באו׳־לי־אם) דאס מקריב זיין אן אקס פאר׳ן גאט מיטהרא [ז. ***Mithra***] ; א בילד אדער סטאטוע וואס שטעלט פאר דאס קוילען אן אקס.

tau'rocol *n.* (טאה׳־רא־קאל) א קליי וואס ווערט געמאכט פון אקסען־פעל.

taurocol'la *n.* (טאה־רא־קאל׳־א) ז. ***taurocol***.

tauroma'chian *a. and n.* (טאה־רא־מיי׳־קי־ען) וואס איז שייך צו אן אקסען־קאמפף, וואס שטעלט פאר אן אקסען־קאמפף ; אן אקסען־קעמפפער, א טארעא־דאר.

tauromach'ic *a.* (טאה־רא־מעק׳־איק) וואס איז שייך צו אן אקסען־קאמפף.

taurom'achy *n.* (טאה־ראמ׳־ע־קי) אן אקסען־קאמפף.

tauromor'phous *a.* (טאה־רא־מאהר׳־פאס) וואס האט די פארם פון אן אקס.

Tau'rus *n.* (טאה׳־ראס) [די מזל שור גרופע שטערען אין דעם זאדיאק אדער מזלות, וואס ווערט פארגעשטעלט ווי דער פאדערשטער טייל פון אן אקס].

tau'-staff *n.* (טאה׳־סטעף) א קרייצפער־מיגער שטיעל אדער הענטעל.

taut *a.* (טאהט) שטייף, פעסט, שטייף אנגעצויגען ; וואס איז אין א גוטען אדער זיכערען צושטאנד.

tautaug' *n.* (טאה־טאהג׳) ז. ***tautog***.

tau'ten *v.* (טאהטן) שטייף אנגעצויגען ווערען ; מאכען שטייף, אנציהען שטייף אדער פעסט.

taut'ly *adv.* (טאהט׳־לי) שטייף אנגע־צויגען.

taut'ness *n.* (טאהט׳־נעס) אנגעצויגענ־קייט, שטייפקייט.

tau'tochrone *n.* (טאה׳־טא־קראון) אין מאטעמאטיק — א איזאכראנישע ליניע [אזא קרומע ליניע, וואס ווען א שווערע משא זאל זיך גליטשען איבער איהר, דורך דעם געוויכט פון איהר שווערקייט, וועט זי, די משא, דערגרייכען דעם ניד־ריגסטען פונקט פון דער ליניע אין דער־זעלביגער צייט, גאנץ גלייך פון וועלכען פונקט זי האט זיך אנגעפאנגען גליטשען].

tautoch'ronism *n.* (טאה־טאק׳־רא־ניזם) די כאראקטעריסטישע אייגענשאפט פון אן איזאכראנישער ליניע. ז. ***tautochrone***.

tautoch'ronous *a.* (טאה־טאק׳־רא־נאס) וואס דויערט דיזעלביגע צייט ; ווי אן איזאכראנישע ליניע. ז. ***tautochrone***.

tautog' *n.* (טאה־טאג׳) דער אמעריקא־נער ליפ־פיש אדער שווארץ־פיש [אזא שעצבארער שפייז־פיש וועלכער געפינט זיך ביי די ברעגען פון דעם אטלאנטישען ים אין אמעריקא].

tautolog'ic *a.* (טאה־טא־לאדזש׳־איק) טאטאלאגיש [וואס ווידערהאלט דיזעל־ביגע זאך אין אנדערע ווערטער].

tautolog'ical *a.* (טאה־טא־לאדזש׳־אי־קעל) ז. ***tautologic***.

tautolog'ical ech'o (טאה־טא־לאדזש׳־אי־קעל עק׳־או) אן עכא אדער ווידערקלאנג וואס ווידערהאלט זיך מעהרערע מאל.

tautol'ogise *v.* (טאה־טאל׳־א־דזשאיז) ז. ***tautologize***.

tautol'ogism *n.* (טאה־טאל׳־א־דזשיזם) טאטאלאגיזם, די ווידערהאלונג פון דער־זעלביגער זאך אין אנדערע ווערטער, א נוצלאזע ווידערהאלונג פון דעמזעלבען געדאנק אין אנדערע ווערטער.

tautol'ogist *n.* (טאה־טאל׳־א־דזשיסט) א טאטאלאגיסט, איינער וואס ווידער־האלט דעמזעלבען געדאנק אין אנדערע ווערטער.

tautol'ogize *v.* (טאה־טאל׳־א־דזשאיז) נוצלאז ווידערהאלען דיזעלביגע זאך מיט אנדערע ווערטער.

tautol'ogous *a.* (טאה־טאל׳־א־גאס) ז. ***tautologic***.

tautol'ogy *n.* (טאה־טאל׳־א־דזשי) טאו־טאלאגיע, די ווידערהאלונג פון דערזעל־ביגער זאך מיט אנדערע ווערטער, די נוצ־לאזע ווידערהאלונג פון א געדאנק אין אנדערע ווערטער וועלכע האבען דיזעלבי־גע בעדייטונג.

tau'tophony *n.* (טאה׳־טא־פאו־ני) די ווידערהאלונג פון דעמזעלביגען קלאנג.

tav'ern *n.* (טעוו׳־ערן) א טאווערנע, א שענק ; א גאסט־הויז, אן אכסניה.

tav'erner *n.* (טעוו׳־ער־נער) א שענקער, א בעל אכסניה.

tav'ern-haun'ter *n.* (טעוו׳־ערן־האנ׳־טער) א שענק־בעזוכער.

tav'ern-kee'per *n.* (טעוו׳־ערן־קיע׳־פער) א שענקער, א בעל אכסניה.

tav'ern-to'ken *n.* (טעוו׳־ערן־טאו׳קן) אזא מטבע, וואס שענקער האבען אמאל אין ענגלאנד ארויסגעגעבען צו בענוצען אלס אויסנאב.

taw *v. and n.* (טאה) אויסגארבען פעל אין לעדער ; גארבען וויים, מאכען זעמש ; מורמעל־שפיעל [אזא שפיעל מיט שטיי־נערנע אדער גלעזערנע קייקעלעך] ; א שנעל־קייקעלע אדער א מורמעל [אזא שטיינערנעס אדער גלעזערנעס קייקעלע צום שפיעלען].

taw'drily *adv.* (טאה׳־דרי־לי) מיט צו־פיעל פליטערלעך, מיט געשמאקלאזע אדער אויפפאלענדע בעפוצונגען.

taw'driness *n.* (טאה׳־דרי־נעס) אי־בערטריבענע, געשמאקלאזע אדער אויפפא־לענדע בעפוצונגען ; א פוסטער גלאנץ.

taw'dry *n. and a.* (טאה׳־דרי) א בילי־גע אדער אויפפאלענדע בעפוצונג, א גע־שמאקלאזע פערציערונג ; א ביליגעס שטי־קעל ציערונג ; מיט צופיעל פליטערלעך ; מיט געשמאקלאזע, אויפפאלענדע און בי־ליגע בעפוצונגען ; ווערטהלאז, ביליג.

taw'er *n.* (טאה׳־ער) א זעמש־גארבער ; איינער וואס גארבט ווייסע לעדער.

taw'ery *n.* (טאה׳־ער־אי) א זעמש־גאר־בארניע ; א גארבארניע פאר ווייסע לע־דער ; א גארבארניע.

taw'niness *n.* (טאה׳־ני־נעס) דאס זיין ברוין־געלב אדער שווארץ־געלב.

taw'ny *a, n. and v.* (טאה׳־ני) שווארץ־געלב, שווארץ־ברוין ; ברוין־רויט ; א שווארץ־ברוינער אדער שווארץ־געלבער קאליר ; מאכען שווארץ־געלב אדער שווארץ־ברוין.

tax *n. and v.* (טעקס) א שטייער, אן אבגאבע ; א טאקסע ; אן אבצאהל ; אן ארויפגעלעגטע פליכט אדער לאסט ; ארויפ־לעגען שטייער ; שאצען, טאקסירען ; ארויפלעגען א לאסט ; אין געוויסע טעקסטא־מענט — רעגיסטרירען פערזאנען און

זייער פערמעגען אום צו נעהמען פון זיי אבגאבען; טאדלען, קריטיקירען.

taxabil'ity *n.* (טעק-סע-ביל'-אי-טי) שטייערבארקייט, דאס קענען בעשטייערט ווערען.

tax'able *a. and n.* (טעקס'-עבל) אויף וואס מען קען ארויפלעגען א שטייער אדער אן אבצאהל; וואס איז ארויפצורעכענען אלס געריכטס־קאסטען; א פערזאן אדער זאך וואס דארף בעשטייערט ווערען.

tax'ableness *n.* (טעקס'-עבל-נעס) ז. *taxability*.

tax'ably *adv.* (טעקס'-ע-בלי) צום בעשטייערען, ארויפצולעגען א טאקסע אדער אן אבצאהל.

taxa'tion *n.* (טעק-סיי'-שאן) בעשטייערונג; דאס ארויפלעגען שטייער אדער אבצאהלונג; אבשאצונג.

tax'-cart *n.* (טעקס'-קארט) אזא לייכטער וואגען אויף פרוזשינעס.

tax commis'sioner (טעקס קא-מיש'-אנ-ער) א בעאמטער וואס שאצט אב דעם ווערטה פון אייגענטום און וויפיעל מען דארף צאהלען שטייער.

tax'-dodg'er *n.* (טעקס'-דאדזש'-ער) איינער וואס מיידט אוים אדער וויכט אוים צו צאהלען שטייער.

tax'-eat'er *n.* (טעקס'-איטע'-ער) א רעגירונגס־בעאמטער, איינער וואס לעבט אויף'ן חשבון פון קהל.

tax'er *n.* (טעקס'-ער) איינער וואס לעגט ארויף שטייער; א שאצער.

tax'-free *a.* (טעקס'-פריע) פריי פון אבצאהל אדער אבגאבען, שטייער־פריי.

tax'-gath'erer *n.* (טעקס'-געטה'-ער-ער) א שטייער־קאלעקטאר.

tax'iarch *n.* (טעק'-סי-ארק) א טאקסיארך, א קריעגס־הויפטמאן אין אלט־גריכענלאנד.

tax'icab *n.* (טעק'-סי-קעב) אן אויטאמאביל מיט א דיסטאנץ־מעסטער [אן אפאראט וואס ציינט אן די אבגעפאהרענע שטרעקע] צו פיהרען פאסאזשירען.

tax'icorn *n.* (טעק'-סי-קאהרן) אזא זשוק [באבעלע] מיט א הארן ווי א קלין.

tax'idermal *a.* (טעק'-סי-דויר-מעל) וואס איז שייך צו די אויסשטאפונג פון די פעל פון חיות.

taxider'mic *a.* (טעק-סי-דויר'-מיק) ז. *taxidermal*.

tax'idermist *n.* (טעק'-סי-דויר-מיסט) איינער וואס שטאפט אויס די פעל פון חיות.

tax'idermy *n.* (טעק'-סי-דויר-מי) די קונסט אויסצושטאפען די פעל פון חיות.

tax'is *n.* (טעק'-סיס) דאס אריינשטעלען אן אויסגעלונקענעם גליעד צוריק אויף זיין ארט ניט געברויכענדיג דערצו קיין אינסטרומענטען; א באטאליאן סאלדאטען אין אלט־גריכענלאנד; אן איינארדנונג, א צונויפשטעלונג לויט א געוויסער ארדנונג; אין זאאלאגיע — קלאסיפיקאציאן.

tax'less *a.* (טעקס'-לעס) שטייער־פריי.

taxol'ogy *n.* (טעק-סאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קלאסיפיצירען אדער ארדנען אין א סיסטעם [חיות אדער פלאנצען].

taxon'omer *n.* (טעק-סאנ'-א-מער) ז. *taxonomist*.

taxonom'ic *a.* (טעק-סא-נאמ'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען קלאסיפיקאציאן אדער איינארדנונג אין א סיסטעם [ווי חיות אדער פלאנצען]; סיסטעמאטיש, מעטאדיש.

taxonom'ical *a.* (טעק-סא-נאמ'-אי-קעל) ז. *taxonomic*.

taxonom'ically *adv.* (טעק-סא-נאמ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו סיסטעמאטישער קלאסיפיקאציאן אדער איינארדנונג.

taxon'omist *n.* (טעק-סאנ'-א-מיסט) איינער וואס קלאסיפיצירט אדער ארדענט נאך א געוויסער סיסטעם [חיות אדער פלאנצען].

taxon'omy *n.* (טעק-סאנ'-א-מי) די לעהרע וועגען קלאסיפיצירען אדער ארדנען אין א סיסטעם [חיות אדער פלאנצען].

tax'or *n.* (טעקס'-אר) ז. *taxer*.

tax'payer *n.* (טעקס'-פיי-ער) א שטייער־צאהלער, איינער וואס צאהלט שטייער.

tax'-sale *n.* (טעקס'-סייל) א פערקויף פון אימעצענס לאנד דורך דער רעגיערונג פאר ניט צאהלען קיין שטייער.

ta'yo *n.* (טע'-יאו) א מין פארטוף־עהנליכעס קלייד ביי די זיד־אמעריקאנישע אינדיאנער.

tay'ra *n.* (טאי'-רא) ז. *taira*.

taz'za *n.* (טעט'-סא) אזא שאל־ארטיגע וואזע.

T-ban'dage *n.* (טיע'-בענ'-דעדזש) א באנדאזש געבונדען ווי א *T*.

T-bar *n.* (טיע'-באר) אן אייזערנער באלקען אין דער פארם פון א *T*.

T-beard *n.* (טיע'-ביערד) א בארד ארומגעשארען אזוי, אז זי צוזאמען מיט די וואנצעס בילדעט עטוואס עהנליכעס צום בוכשטאב *T*.

T-bone *n.* (טיע'-באון) ז. *tau-bone*.

T-cart *n.* (טיע'-קארט) אזא פיער־רעדעריגער אפענער פאעטאן מיט פיער זיץ־פלעצער.

tchibouk' *n.* (טשי-בוהק') ז. *chibouk*.

tchick *n. and v.* (טשיק) א טשמאקען אדער קנאקען מיט דער צונג [צום אנטרייבען א פערד אדער אלס אויסדרוק פון איבערראשונג אדער פעראכטונג]; טשמאקען אדער קנאקען מיט דער צונג.

T-cloth *n.* (טיע'-קלאהטה) אזא פשוט'ער באוועל־צייג [ווערט געמאכט אין ענגלאנד צום עקספארטירען נאך כינא און אינדיען].

tea *n. and v.* (טיע) די; 1. טהעע; טהעע־פלאנצע [ז. איל.]; א געטראנק פון געווייקטע בלעטלעך אדער ווארצלען פון פערשיעדענע פלאנצען; 2. א נאכמיטאג־מאהלצייט [ביי וועלכער מען טרינקט אויך טהעע]; 3. השתנה [אורין]; 4. טרינקען טהעע; 5. דערלאנגען טהעע, נעבען טהעע.

2. The family usually meets at tea. 4. He seldom teas with us. 5. We had to dine and tea a party of friends.

tea'-ball *n.* (טיע'-באהל) א רונדע נעלעכערטע כלי ווי א לעפעלע מיט א דעקעל, אין וועלכער מען שיט אריין די טהעע־בלעטלעך און מען שטעלט עס אריין אין א גלאז הייסען וואסער צו מאכען דערפון א גלאז טהעע.

tea'-ber'ry *n.* (טיע'-בער'-אי) די אמעריקאנישע טהעע־יאגדע אדער ווינטער־גרין [ווערט אפט געברויכט אנשטאט טהעע].

tea'-bis'cuit *n.* (טיע'-בים'-קיט) טהעע־צוויעבאק.

tea'-blight *n.* (טיע'-בלאיט) טהעע־מאיל [אזעלכע אינזעקטען וואס פערדארבען די טהעע־פלאנצען].

tea'-board *n.* (טיע'-באורד) א טהעע־טאץ.

tea'-bread *n.* (טיע'-ברעד) טהעע־ברויט, טהעע־קוכען [אזא זיסליך געבעקס צום עסען מיט טהעע].

tea'-cad'dy *n.* (טיע'-קעד'-אי) א טהעע־פושקע.

tea'-cake *n.* (טיע'-קייק) טהעע־קוכען.

tea'-can'ister *n.* (טיע'-קענ'-אים-טער) ז. *tea-caddy*.

tea'-case *n.* (טיע'-קיים) א קעסטעל מיט געשיר פאר א טהעע־טיש [ווי טהעע־לעפעלעך, סארדינען־צווייגעלעך, איינגעמאכטס־לעפעלעך א. ז. וו.].

teach *v.* (טיעטש) לערנען, אונטערריכטען, נעבען אונטערריכט; ציינען, ווייזען, ערקלערען.

teachabil'ity *n.* (טיע-טשע-ביל'-אי-טי) ז. *teachableness*.

tea'chable *a.* (טיע'-טשעבל) וואס לאזט זיך לערנען; פעהיג צו לערנען; וויליג צו לערנען.

tea'chableness *n.* (טיע'-טשעבל-נעס) פעהינקייט צו לערנען; ווילינקייט צו לערנען; דאס לאזען זיך לערנען.

teach a les'son (טיעטש ע לעסן) אנלערנען.

tea'cher *n.* (טיע'-טשער) א לעהרער; א רעליגיאנס־לעהרער, א פרעדיגער.

tea'chership *n.* (טיע'-טשער-שיפ) לעהרערשאפט, א לעהרער־אמט, א לעהרער־פאזיציאן.

tea'chers' in'stitute (טיע'-טשערז אינ'-סטי-טיוט) די לעהרער־אינסטיטוציאן [א קאנפערענץ פון לעהרער אין צייט פון וואקאציאן, וואו די לעהרער בעקענען זיך נעגויער מיט דער טעארעטישער און פראקטישער זייט פון שול־אונטערריכט].

tea'-chest *n.* (טיע'-טשעסט) א טהעע־קעסטעל.

tea'ching *n.* (טיע'-טשינג) אונטערריכט; לעהרע.

teach school (טיעטש סקוהל) לערנען מיט קינדער אין א שול, זיין א שול־לעהרער.

tea'-clam *n.* (טיע'-קלעם) אזא קליינער ווענוס־מושעל [אזא עסבארער אמעריקאנישער מאלוסקעל].

tea'-cup *n.* (טיע'-קאפ) א טהעע־טאס; א פיערטעל קווארט [אלס פליסינקייטס־מאס]; אזוי פיעל וויפיעל עס ענטהאלט א טאס.

tea'cupful *n.* (טיע'-קאפ-פול) אזוי פיעל ווי פיעל עס קען אריין אין א טהעע־טאס; א פיערטעל קווארט [אלס פליסיגקייטס־מאס].

tea'-dea'ler *n.* (טיע'-דיע'-לער) א טהעע־הענדלער.

tea'-dri'er *n.* (טיע'-דראי'-ער) א טהעע־טריקענער [אן אפאראט צום טריקענען די טהעע־בלעטלעך].

tea'-drin'ker *n.* (טיע'-דרינ'-קער) א טהעע־טרינקער.

tea'-drun'kard *n.* (טיע'-דראנ'-קארד) א ליידענשאפטליכער טהעע־טרינקער; איינער וואס איז קראנק פון טרינקען צו פיעל טהעע.

tea'-dust *n.* (טיע'-דאסט) טהעע־שטויב, טהעע־פולווער, שטארק צוריבענע טהעע.

tea'-fan'nings *n.* (טיע'-פענ'-איננז) צוריבענע טהעע.

tea'-fight *n.* (טיע'-פאיט) א טהעע־אונטערהאלט.

tea'-gar'den *n.* (טיע'-גאר'דן) א טהעע־פלאנטאציע; א טהעע־גארטען [וואו מען טרינקט טהעע].

tea'-gown *n.* (טיע'-גאון) א לויזעם

פרויען=הויז=קלייד וואס מען טראגט צום נאכמיטאג=מאהלצייט.

tea grow'er (טיע=גראו'=ער) א טהעע=פלאנצער, א טהעע=פלאנטאטאר.

Teague *n.* (טיעג) [אלס צונעמעניש] אן אירלענדער

Teague'land *n.* (טיעג'=לענד) אירלאנד [אלס צונעמעניש].

tea'-hill *n.* (טיע'=היל) א בערגעל, אויף וועלכען עס וואקסען טהעע=פלאנצען.

tea'-house *n.* (טיע'=האוס) א טהעע=הויז, א טהעע=רעסטאראן [אין כינא און יאפאן].

tea'ism *n.* (טיע'=איזם) א קראנקהאפ=טער צושטאנד צוליעב טרינקען צו פיעל טהעע.

teak *n.* (טיעק) דער טיעק אדער טעק=בוים [אזא אסט=אינדישער בוים מיט זעהר א הארטען, דויערהאפטען האלץ, וואס ווערט בעטראכט אלס דאס בעסטע פאר שיפס=בוי].

Teak

tea'-ket'tle *n.* (טיע'=קעט'ל) א טהעע=קעסעל, א טהעע=קאן, א טשייניק.

tea'-ket'tle pol'icy (טיע'=קעט'ל פאל'=אי=סי) די פאדערונג, אז מען זאל נע=ברייכען בלויז נעקאכטעס וואסער [אלס פערהיטונגס=מיטעל נעגען טיפוס, כאלערא און עהנליכע קראנקהייטען].

teak'-tree *n.* (טיעק'=טריע) ז. *teak*

teal *n.* (טיעל) די קריקענטע, אזא קליי=נע ווילדע טייך=קאטשקע [ענטעל]. ז. איל. *"Game Birds"*

Teal

teal'-duck *n.* (טיעל'=דאק) ז. *teal*

tea'-lead *n.* (טיע'=לעד) בליי=פאפיער צום איינוויקלען טהעע.

tea'-leaf *n.* (טיע'=ליעף) א טהעע=בלע=טעל.

tea'-leaves *n.* (טיע'=ליעווז) אויסגע=ווייקטע טהעע, איבערגעבליבענע טהעע.

team *n. and v.* (טיעם) א מחנה יונגע חיות אדער א הורטע יונגע פויגלען [גע=בארען פון איין פאר]; א פאר [חיות אדער פויגלען]; א מחנה, א הורטע; א געשפאן [פון אקסען אדער פערד]; א קאמפאניע [ארבייטער, באל=שפיעלער א. ז. וו.]; צוזאמענשפאנען; ארבייטען, אי=בערפיהרען א. ז. וו. מיט א געשפאן; אוועקגעבען א טייל פון א קאנטראקט=ארבייט צו אן אונטער=קאנטראקטאר.

tea'ming *n.* (טיע'=מינג) דאס פיהרען אדער ארבייטען מיט א געשפאן [פון אק=סען אדער פערד]; דאס אבגעבען טיילען פון אן ארבייטער צו קאנטראקטארס.

team'land *n.* (טיעמ'=לענד) אקער=לאנד וואס מען קען בעארבייטען מיט איין אקער=אייזען [פלוג].

team'-man *n.* (טיעמ'=מען) ז. *teamster*

team'-shov'el *n.* (טיעמ'=שאוו'ל) א גראב=אייזען געשלעפט פון פערד אדער אקסען.

team'ster *n.* (טיעמ'=סטער) א פראכט=פוהרמאן.

team'wise *a.* (טיעמ'=הוואיז) ווי א גע=שפאן; צוזאמענגעשפאנט.

team'-work *n.* (טיעמ'=הווארק) 1. אר=בייט מיט א געשפאן [פערד אדער אק=סען]; 2. דאס קאלעקטיווע שפיעלען פון א קאמפאניע באל=שפיעלער; 3. ארגאני=זירטע הארמאנישע גרופען=ארבייט.

2. The **team-work** of the baseball nine was excellent. 3. The **team-work** of the office was admirable.

tea'-oil *n.* (טיע'=איל) טהעע=אויל [אן אויל וואס ווערט אויסגעדריקט פון א טהעע=עהנליכער כינעזישער פלאנצע].

tea'-par'ty *n.* (טיע'=פאר'=טי) א טהעע=געזעלשאפט; א טהעע=אונטערהאלט; א בעאונרוהיגענדע פאסירונג; עפּוואס וואס איז לייכט צו טהאן אדער ערפילען.

tea'-plant *n.* (טיע'=פלענט) די טהעע=פלאנצע.

tea'-pot *n.* (טיע'=פאט) א טהעע=טאפ, א טהעע=קאן, א טשייניק.

tea'poy *n.* (טיע'=פאי) א טהעע=סערוויר טישעל.

tear *v. and n.* (טעהר) 1. רייסען, צו=רייסען; אוועקרייסען; 2. זיך רייסען; 3. צוקראצען [די הויט], פערוואונדען; 4. זיך רייסען, זיך שטורמדיג בעוועגען; 5. בושעווען, טומלען, וויטהען; 6. א ריס; 7. א שטורמדיגע בעוועגונג; 8. א הו=ליאנקע.

2. This is cheap cloth and **tears** readily. 4. The children came **tearing** in. 5. He **tore** and raged.

tear *n. and v.* (טיער) א טרעהר; א טראפען, א טרעהר=עהנליכע אדער טרא=פען=עהנליכע זאך; טרעהרען, אנפילען אדער גיסען מיט טרעהרען; בעשפריצען ווי מיט טרעהרען, בעטריפען.

tear a cat (טעהר ע קעט) שטורמען, וויטהען, בושעווען.

tear and wear (טעהר ענד הוועהר) דאס אבטראגען זיך, אבניצונג.

tear away' (טעהר ע=הוויי') אבנרייסען, אוועקרייסען; זיך א ריס טהאן.

tear down (טעהר דאון) ארונטעררייסען, פאנאנדערוואַרפען.

The firemen had to **tear down** the burning house.

tear'-duct *n.* (טיער'=דאקט) דער טרעה=רען=קאנאל [דער קאנאל דורך וועלכען די טרעהרען פון די אויגען קומען אריין אין דער נאז].

tear'er *n.* (טעהר'=ער) א רייסער, א צו=רייסער; איינער וואס בושעוועט אדער שטורמט; א היציגער, העפטיגער, גוואלט=זאמער מענש; עפּוואס וואס איז גרויס, גוואלטיג, העפטיג אדער וויטהענד.

tear'-fall'ing *a.* (טיער'=פאהל'=אינג) וואס פערגיסט טרעהרען; צערטליך; פיה=לענד.

Tear-falling pity dwells not in this eye.

tear'ful *a.* (טיער'=פול) פול מיט טרעה=רען, פערגיסענד טרעהרען; וויינענד, טרוי=ערענד; טרויעריג, וואס רופט ארויס טרעהרען.

tear'fully *adv.* (טיער'=פול=אי) וויינענ=דיג, מיט טרעהרען; טרויעריג, ארויסרו=פענדיג טרעהרען.

tear'fulness *n.* (טיער'=פול=נעס) וויי=נענדיגקייט, דאס ניסען טרעהרען; טרוי=עריגקייט.

tear'-gland *n.* (טיער'=גלענד) א טרעה=רען=דריזע.

tear'ing *a.* (טעהר'=אינג) רייסענד; גוואלטיג, העפטיג; אונגעהייער.

tear'ing-machine' *n.* (טעהר'=אינג=מע=שין') א מאשין צו רייסען שמאטעס.

tear'less *a.* (טיער'=לעס) אהן טרעהרען; טרוקען [וועגען די אויגען]; אונעמפ=פינדליך, ניט פיהלענד, אהן א הארץ.

tear off (טעהר אף) ז. *tear away*

tea'-room *n.* (טיע'=רוהם) א טהעע=צימער [א צימער, וואו מען טרינקט גע=וועהנליך טהעע].

tea'-rose *n.* (טיע'=ראוז) א טהעע=רויז [אזא גארטען=רויז מיט א טהעע=גערוך].

tear'-pit *n.* (טיער'=פיט) דאס טרעהרען=זעקעל אין ווינקעל פון אויג ביי הירשען. ז. *larmier*

tear'-pump *n.* (טיער'=פאמפ) א טרעה=רען=פומפ [א קוואל פון פאלשע טרעה=רען].

tear'-sac *n.* (טיער'=סעק) ז. *tear-pit*

tear'-shaped *a.* (טיער'=שייפט) טרעהר=עהנליך, טראפען=עהנליך.

tear'-stained *a.* (טיער'=סטיינד) מיט צייכענס פון טרעהרען.

tear up (טעהר אפ) 1. ארויסרייסען, אויסרייסען; 2. צורייסען; צורייסען אויף פיצלעך.

1. The storm **tore up** hundreds of trees. 2. In rage he **tore up** the letter.

tear'-up *n.* (טעהר'=אפ) אן אויסריי=סונג, אן אויסוואָרצלונג.

tear'y *a.* (טיער'=אי) טרעהרענד, אננע=פילט מיט טרעהרען, פערנאסען מיט טרעה=רען; וואס פאלט טראפענווייז [ווי טרעה=רען].

tea'-scent *n.* (טיע'=סענט) דער טהעע=גערוך [אזא אייראפעאישע פארן=פלאנצע אדער פאפאראטניק].

tea'-scrub *n.* (טיע'=סקראב) דער טהעע=בוש, דער טהעע=קוסט [אזא אויסטראלי=שער בוימעל. זיינע בלעטלעך זיינען פון די ערשטע קאלאניסטען געברויכט געווא=רען אנשטאט טהעע].

tease *v. and n.* (טיעז) פאנאנדערנעה=מען אויף בעזונדערע פעדים; קאמען אדער בערשטען [וואל אדער פלאקס]; מאכען א בראווע אדער ווארסע [אויף טוך]; דאקוטשען, זיך איינעסען אין די ביינער, רייצען, פלאגען; דאס דאקוטשען, דאס איינעסען זיך אין די ביינער, פלא=גונג, רייצונג; אן איינגעגעסענער, דא=קוטשליוועט מענש; דאס קאמען און בער=שטען [וואל אדער פלאקס]; דאס פאנאנ=דערנעהמען אויף בעזונדערע פעדים.

tea'sel *n. and v.* (טיעז'ל) ז. *teazel*

tease'ler *n.* (טיעז'=לער) ז. *teazeler*

tea'ser *n.* (טיע'=זער) א קוועלער, א פלאגער, איינער וואס דאקוטשעט אדער רייצט; עפּוואס וואס דאקוטשעט, פלאגט אדער רייצט; אן אנגער אדער בארען פון א נידריגען זארט וואס ווערט געברויכט צום אויפרייצען געשלעכטליך שאפעס אדער שאף [מען ערלויבט זיי אבער ניט צו האבען געשלעכטליכען פערקעהר]; א הויי=

צער, א פייער־מאז, אן אויוון־אויפפאסער אין א גלאז־פאבריק.

tea'-ser'vice *n.* (טיע'-סויר'-ווים) א טהעע־סערוויז.

tea'-set *n.* (טיע'-סעט) [די טהעע־געשיר] כלים צו מאכען און טרינקען טהעע].

tea'-shrub *n.* (טיע'-שראב). ז. *tea-plant*

tea'sing *a.* (טיע'-זינג) דאקוטשענד, פלאגענד, רייצענד, וואס עסט זיך איין אין די ביינער.

tea'singly *adv.* (טיע'-זינג-לי) דאקו־טשענדיג, פלאגענדיג, רייצענדיג, זיך איינ־עסענדיג אין די ביינער.

tea'sing-nee'dle *n.* (טיע'-זינג-ניע'דל) א נאדעל פאנאנדערצוגעהמען אויף איינ־צעלנע פעדימלעך [א צעלען־געוועב פאר מיקראסקאפישע אונטערזוכונגען].

tea'-sor'ter *n.* (טיע'-סאהר'-טער) א טהעע־זארטירער.

tea'spoon *n.* (טיע'-ספוהן) א טהעע־לעפעל.

tea'spoonful *n.* (טיע'-ספוהן-פול) אזוי פיעל ווי פיעל עס קען אריין אין א טהעע־לעפעל; אן אכטעל אונץ.

teat *n.* (טיעט) א ציצקע; א ברוסט־נאפעל; א ברוסט־ווארצעל; די ברוסט־דריזע; א ברוסט; אן אייטער; עטוואס וואס איז עהנליך צו א ציצקע אדער ברוסט־נאפעל [ווי א שנויץ אדער לייכטער־רעה־רעל].

tea'-ta'ble *n.* (טיע'-טיי'בל) א טהעע־טיש.

tea'-tas'ter *n.* (טיע'-טייס'-טער) א טהעע־עקספערט, אן אבפראבירער פון דעם געשמאק אדער פון דעם אראמאט פון טהעע.

tea'-tas'ting *n.* (טיע'-טייס'-טינג) טהעע־עקספערטיזע; אבפראבירונג פון דעם געשמאק אדער גערוך פון טהעע.

tea'ted *a.* (טיע'-טעד) בריסטיג, וואס האט בריסט, וואס זויגט קינדער; עהנליך צו א ציצקע אדער ברוסט־נאפעל.

tea'-things *n.* (טיע'-טהינגז) טהעע־זאכען, א טהעע־סערוויז, טהעע־געשיר.

teat'-like *a.* (טיעט'-לאיק) עהנליך צו א ציצקע אדער ברוסט־נאפעל.

tea'-tray *n.* (טיע'-טריי) א טהעע־טאץ.

tea'-tree *n.* (טיע'-טריע) דער טהעע־בוים, די טהעע־פלאנצע; דער טהעע־בוש [ז. *tea-scrub*].

tea'ty *n.* (טיע'-טי) א ציצקעלע, א ברוסט־נאפעלע.

tea'-urn *n.* (טיע'-אוירן) א טהעע־מאשיז, א טהעע־אורנע, א סאמאוואר, אזא משוי־ניק מיט א קראן.

tea'-ware *n.* (טיע'-הוועהר) טהעע־גע־שיר.

teaze'-hole *n.* (טיעז'-האול) דאס הייץ־לאך אין א גלאז־שמעלץ־אויוועז.

tea'zel *n. and v.* (טיעזל) די רויה־קארדע אדער וועבער־שישקע [אזא שישקע וואס ווערט געברויכט צום מאכען א באר־ווע אויף וואל־טוך]; די קאם־דיסטעל [די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסט די רויה־קארדע]; א מאשין אדער אינסטרו־מענט צו מאכען א בארווע אדער ווארסע אויף וואל־ציייג; מאכען א בארווע.

teaze'ler *n.* (טיעז'-לער) א רויהער, איי־נער וואס מאכט די בארווע [ווארסע] אויף טוך.

tea'zer *n.* (טיע'-זער) ז. *teaser*

Teb'eth *n.* (טעב'-עטה) טבת.

tec *n.* (טעק) א געהיים־פאליציסט, א שפיאן [אויף דער גנבים־שפראך. אבגע־קירצט פון *detective*].

tech'ily *adv.* (טעטש'-אי-לי) מיט קאפ־ריזנקייט; אויף אן אנגע'ברגז'טען אופן.

tech'iness *n.* (טעטש'-אי-נעס) קאפריז־נעקייט, אנגע'ברגז'קייט.

tech'nic *a. and n.* (טעק'-ניק) טעכניש, וואס איז שייך צו טעכניק, וואס איז איי־גענטימליך פאר א בעזונדערער קונסט, ווי־סענשאפט אדער פאך; פארמעל; טעכניק, די פראקטישע מעטאדען אדער כללים פון א קונסט אדער וויסענשאפט, דער פראקטי־שער טייל פון א קונסט, וויסענשאפט אדער פאך; די טעכניק, די קונסט־לעהרען, די טעכנישע לעהרען, די לעהרע וועגען די מיטלען און מעטאדען פון פאבריקאציאן און אינדוסטריע.

tech'nical *a.* (טעק'-ני-קעל) טעכניש. ז. *technic*

technical'ity *n.* (טעק-ני-קעל'-אי-טי) טעכנישקייט, דאס זיין טעכניש; עטוואס וואס איז טעכניש, עטוואס וואס איז כא־ראקטעריסטיש פאר א ספעציעלען פאך, וויסענשאפט, קונסט, פראפעסיאן א. ז. וו.; א טעכנישער אויסדרוק, א טעכנישע מע־טאדע; א פארמאליטעט.

tech'nically *adv.* (טעק'-ני-קעל-אי) אויף א טעכנישען אופן; לויט די פאך־אויסדריקע פון א בעשטימטער פראפע־סיאן, פאך, וויסענשאפט אדער קונסט; פארמעל.

tech'nicalness *n.* (טעק'-ני-קעל-נעס) דאס זיין טעכניש, טעכנישקייט. ז. *technic*

tech'nicals *n.* (טעק'-ני-קעלז) טעכני־שע זאכען, זאכען וואס זיינען שייך צו דעם פראקטישען טייל פון א קונסט אדער וויסענשאפט; פאך־פארמאליטעטען; טעכ־נישע אדער פאך־אויסדריקע.

tech'nical word (טעק'-ני-קעל הווארד) א פאך־אויסדרוק, א פארמעלער אויסדרוק, א טערמין פון א ספעציעלער וויסענשאפט, קונסט, פראפעסיאן, א. ז. וו.

techni'cian *n.* (טעק-ניש'-ען) א טעכ־ניקער.

tech'nicist *n.* (טעק'-ני-סיסט) ז. *technician*

tech'nics *n.* (טעק'-ניקס) די טעכניק, די קונסט־לעהרע; די טעכנישע לעהרען, די לעהרע וועגען די מיטלען און מעטאדען פון פאבריקאציאן און אינדוסטריע; טעכ־נישע אדער פאך־אויסדריקע, מעטאדען א. ז. וו.

tech'niphone *n.* (טעק'-ני-פאון) אן איי־בונגס־אפאראט פאר פיאניסטען און אר־געל־שפיעלער.

technique' *n.* (טעק-ניק') טעכניק, די קונסט־מעטאדע, די ערפילונגס־מעטאדע [הויפטזעכליך אין מוזיק].

tech'nism *n.* (טעק'-ניזם) עטוואס וואס איז טעכניש, א טעכנישער אויסדרוק; א פאך־אויסדרוק; א פארמאליטעט.

technog'raphy *n.* (טעק-נאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דער קונסט און אינ־דוסטריע ביי פערשיעדענע פעלקער.

technolog'ic *a.* (טעק-נא-לאדזש'-איק) ז. *technological*

technolog'ical *a.* (טעק-נא-לאדזש'-אי-קעל) טעכנאלאגיש, וואס איז שייך צו טעכ־נאלאגיע [די לעהרע וועגען די מיטלען און מעטאדען פון פאבריקאציאן און אינ־דוסטריע, ווי מעטאלורגיע, וועבעריי, איי־זענבאהן־בוי א. ז. וו.].

technol'ogist *n.* (טעק-נאל'-א-דזשיסט) א טעכנאלאג. ז. *technology*

technol'ogy *n.* (טעק-נאל'-א-דזשי) טעכנאלאגיע [די לעהרע וועגען די מיט־לען און מעטאדען פון פאבריקאציאן און אינדוסטריע, ווי מעטאלורגיע, וועבעריי, אייזענבאהן־בוי א. ז. וו.]; די טערמינא־לאגיע אדער טעכנישע אויסדריקע פון א קונסט, וויסענשאפט, פאך א. ז. וו.; דאס שטודיום וועגען דער ענטוויקלונג פון דער קונסט און אינדוסטריע ביי פערשיעדענע פעלקער.

tech'y *a.* (טעטש'-אי) קאפריזנע, אנגע־ברגז'ט.

tecnol'ogy *n.* (טעק-נאל'-א-דזשי) א שטודיום אדער אבהאנדלונג וועגען קינ־דער.

tec'tibranch *a. and n.* (טעק'-טי-ברענק) ז. *tectibranchiate*

tectibran'chian *a. and n.* (טעק-טי-ברענ'-קי-ען) ז. *tectibranchiate*

tectibran'chiate *a. and n.* (טעק-טי-ברענ'-קי-אייט) וואס האט צוגעדעקטע קיעמען אדער זשאברעס [די אטהעמונגס־ארגאנען ביי פיש און אנדערע וואסער־בעשעפענישען]; א דאך־קיעמער אדער דעק־קיעמער [א מאלוסק מיט צוגעדעקטע זשאברעס].

tec'tiform *a.* (טעק'-טי-פארם) דאך־פערמיג; דעקעל־פערמיג; צודעקענד, וואס בילדעט א דעקעל.

tectol'ogy *n.* (טעק-טאל'-א-דזשי) טעק־טאלאגיע, מארפאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער סטרוקטור פון חיות און פלאנצען]. ז. *morphology*

tecton'ic *a.* (טעק-טאנ'-איק) וואס איז שייך צו דעם בוי אדער סטרוקטור; וואס איז שייך צו דער בוי־קונסט אדער ארכי־טעקטור; וואס איז שייך צו דער אויס־ארבייטונג פון פערשיעדענע זאכען [ווי אינסטרומענטען, מעבעל א. ז. וו.].

tecton'ics *n.* (טעק-טאנ'-איקס) די בוי־קונסט; אויסארבייטונג, פארמירונג און בעפוצונג פון פערשיעדענע זאכען [ווי פון מעבעל, געשיר א. ז. וו.].

tecto'rial *a.* (טעק-טאו'-רי-על) וואס דעקט צו; וואס בילדעט ווי א דאך איבער עפעס.

tecto'rium *n.* (טעק-טאו'-רי-אם) א צו־דעק; אן אויבערשטער, צודעקענדער טייל פון א גליעד; די דעק־פעדערען [די אוי־בערשטע פעדערען פון דעם עק און פון די פליגלען ביי פויגלען].

tectri'ces *n.* (טעק-טראי'-סיז) די דעק־פעדערען [די אויבערשטע פעדערען פון דעם עק אדער פון די פליגלען ביי א פוי־געל].

tectri'cial *a.* (טעק-טריש'-על) צודע־קענד [ווי די אויבערשטע פעדערען פון דעם עק אדער פון די פליגלען ביי א פוי־געל]; וואס איז שייך אדער עהנליך צו די דעק־פעדערען [די אויבערשטע פעדע־רען פון דעם עק און פון די פליגלען ביי א פויגעל].

tec'trix *n.* (טעק'-טריקס) א דעק־פעדער [איינער פון די אויבערשטע פעדערען פון דעם עק אדער פון די פליגלען ביי א פוי־געל].

te'cum *n.* (טי'-קאם) ז. *tucum*

ted *v.* (טעד) אויסשפרייטען צום טריקע־נען [היי].

ted'der *n.* (טעד'-ער) א היי־שפרייטער, איינער וואס שפרייט פאנאנדער היי צום טריקענען; אן אפאראט צום פאנאנדער־שפרייטען היי צום טריקענען.

tedes'co *a.* (טע־דעס'־קאו) דייטש, איין דייטשען קונסט־סטיל.

Te De'um (טיע דיע'־אם) דער טע־דע־אום [א קאטוילישע תפלה, וועלכע הויבט זיך אן מיט די לאטיינישע ווערטער — ***Te Deum laudamus*** דיך, גאט, לויבען מיר]; מוזיק פאר דעם טע־דעאום; א גאטעסדיענסט, ווען מען זינגט דעם טע־דעאום.

tedge *n.* (טעדזש) דער איינגוס, דאס גיס־לאך [אין מעטאל־שמעלצערייען].

te'dious *a.* (טיע'־די־אס) ערמידענד, לעסטיג, נודנע, לאנגווייליג; לאנגזאם.
His address was a long and tedious discourse.

te'diously *adv.* (טיע'־די־אס־לי) אויף א לאנגווייליגען, ערמידענדען אדער לעס־טיגען אופן.

te'diousness *n.* (טיע'־די־אס־נעס) לאנגווייליגקייט, נודנעקייט; לאנגזאם־קייט; לעסטיגקייט, דאס זיין ערמידענד.

te'dium *n.* (טיע'־די־אם) ז. ***tediousness***.

tee *n. and v.* (טיע) א ציעל [אין גע־וויסע שפּיעלען]; א בערגעלע פון זאמד אדער ערד פאר דעם באל [אין גאלף־שפּיעל]; דער בוכשטאב *t*; עטוואס וואס האט די פארם פון א T; א גענילטע שירם־עהנליכע מעטאלענע בעצירונג אויף טעמפּלען אין כינא און אינדיען; ארויפ־לעגען דעם באל אין גאלף־שפּיעל אויף א בערגעלע ערד אדער זאמד.

teel *n.* (טיעל) ז. ***til***.

teem *v.* (טיעם) געבעהרען, ברייגגען אויף די וועלט; שוואנגערען; אנהויבען שוואנ־גערען; זיין פול, זיין איבערפילט; זיין אויסערגעוועהנליך פרוכטבאר; גיסען, אויסגיסען, אויסלעדיגען; גיסען צושמאל־צענעם שטאהל אין א פורעם.

tee'mer *n.* (טיע'־מער) די וואס גע־בעהרט; א געוויגעריין; א גיסער, איינער וואס גיסט; איינער וואס גיסט צושמאל־צענעם שטאהל אין א פורעם.

teem'ful *a.* (טיעמ'־פול) פול, איבער־פילט, פרוכטבאר; שוואנגער.

tee'ming *a.* (טיע'־מינג) וואס געבערהט פיעל, וואס ברייגגט ארויס א סך; פול, אי־בערפילט.

tee'ming-hole *n.* (טיע'־מינג־האול) א פערטיעפונג פאר א פורעם צום גיסען שטאהל.

teem'less *a.* (טיעמ'־לעס) אונפרוכטבאר.

teens *n.* (טיענז) 1. די צאהלען צווישען 13 און 19 [וועלכע ענדיגען זיך אין ענג־ליש אויף ***teen***]; 2. די עלטער צווישען 13 און 19 יאהר.
2. She is in her teens yet.

tee'ny *a.* (טיע'־ני) קליין. ז. ***tiny***.

tee'pee *n.* (טיע'־פיע) ז. ***tepee***.

tee'-tee *n.* (טיע'־טיע) אזא זיד־אמערי־קאנישע מאלפע [אפּע]. ז. ***saimiri***.

tee'ter *v. and n.* (טיע'־טער) זיך וויע־גען, זיך הוידען; א וויעג, א הוידעלקע [א קאטשעלע].

tee'tertail *n.* (טיע'־טער־טייל) דער שטראנד־לויפער. ז. ***sandpiper***.

teeth *n.* (טיעטה); [ז. ***tooth***] ציינער; די נעגען־קראפט, די ווידערשטאנדס־קראפט; דאס שארפע אדער דאס שמער־צענדע פון עטוואס.

teethe *v.* (טיעטה) בעקומען ציינער.

tee'thing *n.* (טיע'־טהינג) 1. דאס צייהנ־שניידען, צייהנ־וואקסונג; 2. דאס בעקו־מען צייהנ.
2. The child is sick on account of teething.

tee'thing rat'tle (טיע'־טהינג רעטל) א קלאפּערעל פאר קליינע קינדער צום שפּיעלען זיך.

tee'to'tal *a.* (טיע'־טאו'־טעל) גענצליך, פאלשטענדיג; וואס איז שייך צו דער פאל־שטענדיגער צוריקהאלטונג פון פער־שכור־ענדע געטרענקע; וואס האט זיך פער־פליכטעט זיך פאלשטענדיג צו ענטזאגען פון פער־שכור'ענדע געטרענקע.

tee'to'taler *n.* (טיע'־טאו'־טעל־ער) איי־נער וואס נעהמט אויף זיך נים צו טרינ־קען קיין פער־שכור'ענדע געטרענקע; איי־נער וואס האלט זיך פאלשטענדיג צוריק פון פער־שכור'ענדע משקאות.

tee'to'talism *n.* (טיע'־טאו'־טעל־איזם) פאלשטענדיגע צוריקהאלטונג פון פער־שכור'ענדע געטרענקע.

tee'to'taller *n.* (טיע'־טאו'־טעל־ער) ז. ***teetotaler***.

tee'to'tally *adv.* (טיע'־טאו'־טעל־אי) פאלשטענדיג, גענצליך.

tee'-to'tum *n.* (טיע'־טאו'־טאם) א דריידעל, א גאר [ביי קריסטען איז דאס דריידעל־שפּיעל גראדע ווי ביי אידען. אנ־שטאט דעם וואס אויף די אידישע דרייד־לעך שטעהען די בוכשטאבען נ ג ה ש — נס גדול היה שם — זיינען אויף די קריסט־ליכע דריידלעך די לאטיינישע בוכשטא־בען ***A T N D***. דיעזע בוכשטאבען זיינען די ראשי תבות פון די לאטיינישע ווער־טער ***Aufer*** — נעהם צו, ***Depone*** — לעג אוועק, ***Nihil*** — גארנישט, ***Totum*** — אין גאנצען. דיעזע בוכשטאבען ווייזען אלזא, אויב מען געווינט אדער מען פער־לירט און וויפיעל מען געווינט, א טייל אדער אין גאנצען].

teff *n.* (טעף) אזא קארן־פלאנצע אין אביסיניען.

teg *n.* (טעג) די "זי" פון א הירש [אין צווייטען יאהר].

tegg *n.* (טעג) ז. ***teg***.

teg'men *n.* (טעג'־מען) א הייטעל, א פעלכעל; דאס צווייטע הייטעל פון א זא־מען־קערנדעל.

teg'minal *a.* (טעג'־מי־נעל) וואס בע־דעקט [ווי א הייטעל, א פעלכעל].

tag'ular *a.* (טעג'־יו־לאר) וואס איז שייך צו דאך־ציעגעל; ציעגעל־ארטיג, ווי דאך־ציעגעל; ווי דאכוואקעס אדער דאכפאפּע־נען.

teg'ularly *adv.* (טעג'־יו־לאר־לי) ציעגעל־ארטיג, ציעגעלפערמיג; אויף דעם אופן ווי עס זיינען אויסגעלעגט דאך־ציעגעל דאכוואקעס [וועגען פאנצערם].

teg'ulated *a.* (טעג'־יו־ליי־טעד) אויס־געלעגט מיט שופּען ווי דאך־ציעגעל אדער דאכוואקעס [וועגען פאנצערם].

teg'umen *n.* (טעג'־יו־מען) ז. ***tegmen***.

teg'ument *n.* (טעג'־יו־מענט) א בע־דעקונג; א הייטעל, א פעלכעל.

tegumen'tal *a.* (טעג־יו־מענ'־טעל) ז. ***tegminal***.

tegumen'tary *a.* (טעג־יו־מענ'־טע־רי) ז. ***tegminal***.

te'hee' *int., n. and v.* (טיע'־היע') כי־כי־כי; א געלעכטער; כיכיקען, לא־כען, אויסלאכען.

teil *n.* (טיעל) די לינדע, דער לינדען־בוים; דער טערפענטין־בוים.

teil'-tree *n.* (טיעל'־טריע) דער לינדען־בוים.

teind *n.* (טיענד) מעשר — אין שאטלאנד פון די פראדוקטען וואס מען פלעגט גע־בען צו דער קירך, צו דער רעגיערונג אדער צו צדקה־אנשטאלטען.

tei'noscope *n.* (טאי'־נא־סקאופ) דער פריזמען־טעלעסקאפ [א שפּעקטיוו מיט צוויי פריזמען, וועלכע זיינען אזוי צוזא־מענגעשטעלט, אז זיי דערלאזען נים, דאס דער געגענשטאנד, אויף וועלכען מען קוקט, זאל זיך אויסווייזען אין א ספעציפישען קאליר].

teknon'ymy *n.* (טעק־נאנ'־אי־מי) דאס אגרופען די עלטערען נאך דעם נאמען פון זייער קינד [אזא מנהג עקזיסטירט ביי געוויסע פעלקער].

tel *n.* (טעל) ז. ***til***.

te'la *n.* (טי'־לא) אין אנאטאמיע — א געפלעכט פון געוועבע, בלוט־אדערען א. ד. ג.; אן ארגאנישער געוועב [ווי א מוסקול].

tel'amon *n.* (טעל'־ע־מאן) אין ארכי־טעקטור — א טעלאמאן אדער אטלאנטע [א מענער־פיגור אלס א זייל אין א גע־ביידע]. ז. ***atlantes***.

te'lar *a.* (טי'־לאר) ז. ***telary***.

tel'ary *a.* (טעל'־ע־רי) וואס איז שייך צו אן ארגאנישען געוועב. ז. ***tela***.

telau'togram *n.* (טעל־אה'־טא־גרעם) די שריפט אדער צייכנונג, וואס ווערט געמאכט דורך א טעלאטאגראף. ז. ***telautograph***.

telau'tograph *n.* (טע־לאה'־טא־גרעף) א טעלאטאגראף, א מין טעלעגראף וואס רעפראדוצירט די האנדשריפט אדער די צייכנונג פון דעם, וועלכער שיקט די טע־לעגראמע.

telec'troscope *n.* (טע־לעק'־טרא־סקאופ) א טעלעקטראסקאפ, אן עלעקטרי־שער אפּאראט איבערצוגעבען אן אפּטי־שעס בילד אויף א ווייטער שטרעקע.

tel'edu *n.* (טעל'־ע־דוה) די טעלעדו, דער שטינק־דאקס [אזא קליינע חיה פון די אינזלען סומאטרא און יאווא].

tele'ga *n.* (טי־ליי'־גא) א טעלעגא, אזא רוסישער וואגען.



Telega

tel'egram *n.* (טעל'־אי־גרעם) א טעלע־גראמע, א דעפעשע, א טעלעגראפישע ידיעה.

telegram'mic *a.* (טעל־אי־גרעמ'־איק) וואס איז שייך צו א טעלעגראמע; ווי א טעלעגראמע; קורץ, לאקאניש.

tel'egraph *n. and v.* (טעל'־אי־גרעף) דער טעלעגראף; טעלעגראפירען, שיקען א דעפעשע; סיגנאליזירען.

tel'egraph-board *n.* (טעל'־אי־גרעף־באורד) א ברעט מיט די נומערען פון די פערד, וועלכע נעהמען אנטייל אין א וועט־לויף, צוזאמען מיט די נעמען פון די זשאקעען.

tel'egraph-ca'ble *n.* (טעל'־אי־גרעף־קיי'בל) א טעלעגראפען־קאבעל [א שטריק פון פיעל צוזאמענ־געדרעהטע טעלעגראפישע דראטען. אזעלכע קאבעלען ווערען דורכגעפיהרט אונ־טערן וואסער דורך'ן ים].



Telegraph-cable

tel'egrapher *n.* (טעל'־אי־גרעפ־ער) א

טעלעגראפיסט, איינער וואס גיט איבער טעלעגראמען אויף'ן אפאראט.

telegraph'ic *a.* (טעל-אי-גרעפ'-איק) טעלעגראפיש; וואס איז שייך צו א טעלעגראף.

telegraph'ical *a.* (טעל-אי-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***telegraphic***

telegraph'ically *adv.* (טעל-אי-גרעפ'-אי-קעל-אי) טעלעגראפיש; דורך'ן טעלעגראף.

tel'egraphist *n.* (טעל'-אי-גרעפ-איסט) א טעלעגראפיסט. ז. ***telegrapher***

tel'egraph-key *n.* (טעל'-אי-גרעפ-קיע) דער שליסעל אדער דאס הענטעל אין א טעלעגראפישען אפאראט, מיט וועלכען די טעלעגראמע ווערט אבגעקלאפט.



Telegraph-key

tel'egraph-pole *n.* (טעל'-אי-גרעפ-פאול) א טעלעגראפען־סלופ, איינער פון די סלופעס, אויף וועלכע עס איז אנגעצויגען א טעלעגראפישער דראט.

tel'egraph-post *n.* (טעל'-אי-גרעפ-פאוסט) ז. ***telegraph-pole***

tel'egraphy *n.* (טעל'-אי-גרעפ-אי) טעלעגראפיע, דאס איבערגעבען ידיעות דורך'ן טעלעגראף.

telekine'sis *n.* (טעל-אי-קי-ני'-סיס) טעלעקינעזיס, די בעוועגונג פון א קערפער אהן א שיינבארער אויסערליך־פיזישער אורזאכע [ווי אין די עקספערימענטען פון די ספיריטיסטען און מעדיאומען].

telelec'trograph *n.* (טעל-אי-לעק'-טא-גרעף) א טעלעלעקטאגראף [אן עלעקטרישער אפאראט צו פאטאגראפירען אויף זעהר ווייטע שטרעקען].

telelec'troscope *n.* (טעל-אי-לעק'-טרא-סקאופ) א טעלעלעקטראסקאפ, אן עלעקטרישער אפאראט וואס מאכט מעגליך צו זעהן זאכען אויף א גרויסער שטרעקע.

telem'eter *n.* (טי-לעמ'-ע-טער) דער טעלעמעטער, אן אפאראט צו בעשטימען דעם מרחק אדער דיסטאנץ פון א געוויסער זאך; אן אפאראט, דורך וועלכען עס ווערען איבערגעגעבען אויף א ווייטער שטרעקע די אנצייגונגען פון א פיזיקאלישען אדער מעטעאראלאגישען אינסטרומענט [ווי למשל, פון א טערמאמעטער].

telem'etry *n.* (טי-לעמ'-ע-טרי) טעלעמעטריע, דאס אויסרעכנען די דיסטאנץ פון א געוויסער זאך; דאס איבערגעבען אויף א ווייטער שטרעקע די אנצייגונגען פון א פיזיקאלישען אדער מעטעאראלאגישען אינסטרומענט.

telen'giscope *n.* (טי-לענ'-דזשי-סקאופ) א טעלענגיסקאפ, אן אינסטרומענט וואס האט די אייגענשאפטען פון א טעלעסקאפ און מיקראסקאפ.

teleolog'ic *a.* (טעל-אי-א-לאדזש'-איק) ז. ***teleological***

teleolog'ical *a.* (טעל-אי-א-לאדזש'-אי-קעל) טעלעאלאגיש; וואס איז שייך צו צוועקמעסיגקייט; וואס איז שייך צו די ענד־ציעלען פון דער נאטור.

teleolog'ically *adv.* (טעל-אי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א טעלעאלאגישען שטייגער; בנוגע צו צוועקמעסיגקייט אין דער נאטור.

teleol'ogist *n.* (טעל-אי-אל'-א-דזשיסט) א טעלעאלאגיסט, איינער וואס גיט זיך אב מיט די פראגען וועגען די ענד־ציעלען פון דער וועלט.

teleol'ogy *n.* (טעל-אי-אל'-א-דזשי) טעלעאלאגיע, די צוועק־לעהרע [די לעהרע פון דעם צוועק פון זאכען; די לעהרע וועגען די ענד־ציעלען פון דער וועלט].

teleom'eter *n.* (טעל-אי-אמ'-ע-טער) ז. ***telemeter***

tel'eophyte *n.* (טעל'-אי-א-פאיט) א הויך־ענטוויקעלטע פלאנצע [ווי א בוים].

tel'eosaur *n.* (טעל'-אי-א-סאהר) א טעלעאזאור [א מין פערשטיינערטער קראקאדיל פון די אוראלטע צייטען אין דער געשיכטע פון דער ערד].

tel'eost *a. and n.* (טעל'-אי-אסט) ביינינג ווי א פיש; וואס האט א ביינינגען סקעלעט [ווי א געוועהנליכער פיש]; א פיש מיט א ביינינגען סקעלעט.

tel'eostome *n.* (טעל'-אי-א-סטאום) א ריכטיגער פיש [א פיש מיט א ביינינגען סקעלעט].

teleos'tomous *a.* (טעל-אי-אס'-טא-מאס) וואס האט דעם כאראקטער פון א ריכטיגען פיש [א פיש מיט א ביינינגען סקעלעט].

teleozo'on *n.* (טעל-אי-א-זאו'-אן) א פאלשטענדיג־ענטוויקעלטע חיה.

tel'epath *n.* (טעל'-אי-פעטה) ז. ***telepathist***

telepath'ic *a.* (טעל-אי-פעטה'-איק) טעלעפאטיש, וואס איז שייך צו טעלעפאטיע. ז. ***telepathy***

telepath'ically *adv.* (טעל-אי-פעטה'-אי-קעל-אי) אויף א טעלעפאטישען שטייגער; דורך טעלעפאטיע. ז. ***telepathy***

tel'epathist *n.* (טעל'-אי-פעטה-איסט) א טעלעפאטיסט; איינער וואס גיט זיך אב מיט טעלעפאטיע. ז. ***telepathy***

tel'epathy *n.* (טעל'-אי-פעטה-אי) טעלעפאטיע, א גייסטיגע ווירקונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין איבערגעבען דעם צווייטען איינעמס געדאנקען אדער געפיהלען אהן א וועלכער ניט איז פיזישער בעריהרונג [אהן ווערטער, אהן בליקען, אהן זשעסטען א. ד. ג.]. ז. ***mind-transference***

tel'ephone *n. and v.* (טעל'-אי-פאון) א טעלעפאן; רעדען דורך'ן טעלעפאן.



Telephone.

tel'ephoner *n.* (טעל'-אי-פאו-נער) איינער וואס טעלעפאנירט, איינער וואס רעדט אויף א טעלעפאן.

telephon'ic *a.* (טעל-אי-פאנ'-איק) וואס גיט איבער קלאנגען פון איין ווייטען ארט אין אן אנדערען; טעלעפאניש, וואס געהערט צו א טעלעפאן.

telephon'ically *adv.* (טעל-אי-פאנ'-אי-קעל-אי) דורך'ן טעלעפאן.

tel'ephonist *n.* (טעל'-אי-פאו-ניסט) א טעלעפאניסט, איינער וואס קען איבערגעבען קלאנגען אויף א ווייטער שטרעקע; איינער וואס בענוצט א טעלעפאן.

telepho'nograph *n.* (טעל-אי-פאו'-נא-גרעף) א טעלעפאנאגראף, אן אפאראט וואס פערצייכענט דאס, וואס ווערט איבערגעגעבען דורך'ן טעלעפאן.

telephonograph'ic *a.* (טעל-אי-פאו-נא-גרעפ'-איק) טעלעפאנאגראפיש; וואס איז שייך צו א טעלעפאנאגראף. ז. ***telephonograph***

tel'ephony *n.* (טעל'-אי-פאו-ני) די טעלעפאנישע קונסט [די קונסט איבערצוגעבען קלאנגען פון איין ווייטען ארט אין אן אנדערען דורך עלעקטרישע דראטען אדער רעהרען].

tel'ephote *n.* (טעל'-אי-פאוט) אן אינסטרומענט צו פאטאגראפירען זאכען פון א ווייטער שטרעקע מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט.

telepho'tograph *n.* (טעל-אי-פאו'-טא-גרעף) א טעלעפאטאגראף, א טעלעפאטאגראפישעס בילד. ז. ***telephotography***

telephotog'raphy *n.* (טעל-אי-פא-טאג'-רע-פי) טעלעפאטאגראפיע, די קונסט איבערצוגעבען דורך עלעקטריציטעט דאס בילד פון א זאך פון א ווייטער שטרעקע.

tel'escope *n. and v.* (טעל'-ע-סקאופ) א טעלעסקאפ [א שפאקטיוו צו זעהן פון ווייטען; א רעהר מיט אפטישע גלעזער, דורך וועלכע ווייטע זאכען זעהען אויס נאהענט און פערגרעסערט]; זיך אריינרוקען איינס אין אנדערען, ווי די טיילען פון א טעלעסקאפ; אריינפאהרען איינער אין אנדערען [ווי די וואגאנען ביי א צוזאמענשטויסונג פון אייזענבאהנען].

Telescope

tel'escope-bag *n.* (טעל'-ע-סקאופ-בעג) א האנד־זעקעל געמאכט פון צוויי בעזונדערע טיילען, פון וועלכע איין טייל רוקט זיך אריין אין צווייטען.

tel'escope-dri'ver *n.* (טעל'-ע-סקאופ-דראי'-ווער) דער מעכאניזם, דורך וועלכען מען בעוועגט אדער מען קירעוועט א טעלעסקאפ.

tel'escope-eye *n.* (טעל'-ע-סקאופ-אי) אן אויג, ווי ביי געוויסע קריכענדע חיות, וואס קען זיך ארויסציהען און אריינציהען.

tel'escope-fly *n.* (טעל'-ע-סקאופ-פלאי) אזא פליעג מיט אויגען אויף הערנדלעך, וואס שטארצען ארויס פון קאפ.



Telescope-fly

tel'escope-ta'ble *n.* (טעל'-ע-סקאופ-טיי'-בל) א טיש וואס מען קען צונויפרוקען און פאנאנדערציהען.

telescop'ic *a.* (טעל-ע-סקאפ'-איק) טעלעסקאפיש, וואס געהערט צו א טעלעסקאפ; וואס קען געזעהן ווערען אדער ענטדעקט ווערען בלויז דורך א טעלעסקאפ; וואס זעהט פון ווייטען, ווייטזיכטיג; וואס קען זיך צונויפרוקען און פאנאנדעררוקען [ווי די בעזונדערע רעהרלעך, פון וועלכע עס איז צוזאמענגעשטעלט א טעלעסקאפ].

telescop'ical *a.* (טעל-ע-סקאפּ׳-אי-קעל) ז. ***telescopic***

telescop'ically *adv.* (טעל-ע-סקאפּ׳-אי-קעל-אי) דורך׳ן טעלעסקאפּ; אויף דעם אופן ווי א טעלעסקאפּ; זיך פאנאנדערררוקענדיג און צונויפרוקענדיג; אריינשטעלענדיג זיך איינס אין אנדערען.

tel'escopiform *a.* (טעל׳-ע-סקאפּ-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א טעלעסקאפּ; וואס בעשטעהט פון טיילען, וועלכע רוקען זיך אריין איינער אין דעם אנדערען.

tel'escopist *n.* (טעל׳-ע-סקאו-פיסט) איינער וואס איז געאיבט אין בענוצען א טעלעסקאפּ.

tel'escopy *n.* (טעל׳-ע-סקאו-פּי) טעלעסקאפּיע, די קונסט צו מאכען אדער בענוצען טעלעסקאפּען.

tele'sia *n.* (טי-ליע׳-סיא) דער סאפיר [אזא עדעלשטיין].

teles'tic *a.* (טי-לעס׳-טיק) וואס איז שייך צום ענד-ציעל; וואס דיענט דעם ענד-ציעל, וואס ברייננט צו אן ענדע.

tel'estich *n.* (טעל׳-אי-סטיק) א געדיכט אין וועלכען די לעצטע בוכשטאבען פון די צייליען שטעלען צוזאמען א נאמען.

telethermom'eter *n.* (טעל-אי-טהויר-מאמ׳-ע-טער) א טעלעטערמאמעטער, אזא טערמאמעטער וואס צייגט אן די טעמפּעראטור פון א ווייטער דיסטאנץ [מרחק].

tel'ic *a.* (טעל׳-איק) וואס בעצייכענט א צוועק אדער ענד-ציעל.

tell *v. and n.* (טעל) דערצעהלען, זאגען; מעלדען, מודיע זיין; הייסען, בעפעהלען; ארויסזאגען, אויסדריקען אין ווערטער; בעשליסען אויף געוויס, פערזיכערען; צעהלען, נומערירען; געבען א רעכנונג אדער בעשרייבונג פון עפּעס; אויסזאגען אויף אימעצען, מסר׳ען; זיך ארויסצייגען, זיך ארויסווייזען; ווירקען, איבערלאזען א צייכען; דערקענען; בעשטימען; דאס וואס ווערט דערצעהלט, אן ערצעהלונג, א מעשה; א בערגעל; אן אנגעשאטענער בארג.

tell'able *a.* (טעל׳-עבל) וואס קען דערצעהלט ווערען; וואס איז ווערטה דערצעהלט צו ווערען.

tell a lie (טעל ע לאי) זאגען א ליגען.

tell'er *n.* (טעל׳-ער) א זאגער; אן ערצעהלער; א צעהלער; איינער וואס צעהלט די אבגעגעבענע שטימען אין א פּארלאמענט; א צאהל-מייסטער [אין א שאצקאמער אדער א באנק].

tell'ership *n.* (טעל׳-ער-שיפּ) דאס אמט פון א צאהל-מייסטער. ז. ***teller***

tell for'tunes (טעל פאר׳-טשונז) וואהרזאגען, נביאות זאגען, טרעפען וואס עס וועט פאסירען אין דער צוקונפט.

tell'ing *a.* (טעל׳-אינג) איינדרוקספאל; וואס מאכט אן עפעקט, ווירקענד.

tell'ingly *adv.* (טעל׳-אינג-לי) אויף אן איינדרוקספאלען אופן; מאכענדיג אן עפעקט, ווירקענדיג.

tell off (טעל אף) אראברעכנען, אבטיילען [צוליעב א געוויסען צוועק].

A squad was **told off** to clear the streets.

tell'tale *n. and a.* (טעל׳-טייל) א פלוידערער, אן איבערדערצעהלער, אן אבדערצעהלער; איינער וואס גיט ארויס א סעקרעט; א מוסר; א ווייזער, אן אנצייגער, אן אינדיקאטאר; א צעהלער [אן אינסטרומענט אדער טייל פון געוויסע מאשינען, וואס צייגט אן אדער צעהלט די בעוועגונגען]; פלוידערענד; אבדערצעהלענד, אויסזאגענד; מסר׳ענד; ארויסווייזענד עפּעס וואס דארף ניט ארויסגעוויזען ווערען; וואס ווארנט וועגען עפּעס.

tell tales (טעל טיילז) מסר׳ען.

tell tales out of school (טעל טיילז אוט אוו סקוהל) אויסזאגען פון חדר; ארויסגעבען א סעקרעט.

tel'lural *a.* (טעל׳-יו-רעל) טעלוריש; וואס איז שייך צו דער ערד.

tel'lurate *n.* (טעל׳-יו-רייט) טעלורזויערע זאלץ [אזא כעמישער פּראדוקט].

tel'luret *n.* (טעל׳-יו-רעט) ז. ***telluride***

tel'lureted *a.* (טעל׳-יו-רעט-עד) פעראייניגט מיט טעלור. ז. ***tellurium***

tel'luretted *a.* (טעל׳-יו-רעט-עד) ז. ***tellureted***

tellu'rian *a. and n.* (טע-ליו׳-רי-ען) וואס איז שייך צו דער ערד אדער צו אן איינוואוינער אויף דער ערד; אן איינוואוינער אויף דער ערד [אין געגענזאץ צו איינוואוינער פון אנדערע פלאנעטען].

tellu'ric *a.* (טע-ליו׳-ריק) וואס איז שייך צו דער ערד; וואס קומט ארויס פון דער ערד; וואס איז שייך צו טעלור. ז. ***tellurium***

tel'luride *n.* (טעל׳-יו-ריד) א כעמישע פערבינדונג פון טעלור מיט אן אנדער עלעמענט. ז. ***tellurium***

tellu'rion *n.* (טע-ליו׳-רי-אן) דאס טעלוריום, אן אפּאראט וואס בעווייזט אויגענשיינליך ווי אזוי די ערד דרעהט זיך ארום דער זון און ווי אזוי עס קומען פאר די ערשיינונגען וואס ווערען דורך דעם פעראורזאכט [ווי טאג און נאכט, זומער, הערבסט, ווינטער און פריהלינג].

tellu'rium *n.* (טע-ליו׳-רי-אם) טעלור [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

tel'lurize *v.* (טעל׳-יו-ראיז) פערבינדען אדער מישען מיט דעם עלעמענט טעלור.

tel'lurous *a.* (טעל׳-יו-ראס) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון טעלור.

telodynam'ic *a.* (טעל-א-דאי-נעמ׳-איק) טעלאדינאמיש, וואס איז שייך צו דער איבערטראגונג פון קראפט [מעכאנישע אדער עלעקטרישע] פון א ווייטער שטרעקע.

tel'pher *a.* (טעל׳-פער) וואס איז שייך צו דעם אויטאמאטישען טראנספּארט פון משא דורך עלעקטרישער קראפט [מיט דער הילף פון הענגענדע וואגאנען אדער מאטארען].

tel'pherage *n.* (טעל׳-פער-עדזש) דאס אויטאמאטישע טראנספּארטירען פון משא דורך עלעקטרישער קראפט מיט דער הילף פון הענגענדע וואגאנען אדער מאטארען.

temer'ity *n.* (טי-מער׳-אי-טי) איבערטריבענע דרייסטקייט, אונבעזאנענהייט.

tem'per *v. and n.* (טעמ׳-פער) מישען; צונויפמישען לויט א געוויסער פּראפּארציע; פארמירען, בילדען, איינשטעלען, אנפאסען, צופאסען; מעסיגען, מילדערען, זענפטיגען; אין מוזיק — טעמפּערירען, אנשטעלען אדער אנשטימען אן אינסטרומענט נאך א געוויסען טאן-ארט; הארטעווען [שטאהל אדער אייזען]; ווערען ווייך און פלאסטיש; א געמיש, א מישונג; א בעשטימטער צושטאנד, א בעשטימטע בעדינגונג; דאס געמיט, דער כאראקטער, די נאטור-אנלאגע, דאס טעמפּעראמענט; די נייגונג צו ווערען אויפגערעגט; נערוועזקייט, ליידענשאפט; היציגקייט; די הארטקייט און עלאסטיציטעט פון מעטאל; די צוזאמענזעצונג אדער דער בעשטאנד פון א געמיש; ליים וואס ווערט געברויכט צו רייניגען צוקער; א מעטאל-מישונג וואס ווערט צוגעלעגט צו צין צו מאכען הארט-צין; מעסיגקייט; מיטעלמעסיגקייט.

tem'perament *n.* (טעמ׳-פער-ע-מענט) טעמפּעראמענט [די אייגענטימליכע איינערליכע טבע פון מענשען, וועלכע בעשטימט די ארט און ווייזע פון זיין דענקען, האנדלען און פיהלען]; אין מוזיק— די סיסטעם פון אנשטעלען אדער אנשטימען א מוזיקאלישען אינסטרומענט נאך א געוויסען טאן-ארט; א פשרה, א קאמפּראמיס, אן אויסגלייך; די צוזאמענזעצונג אדער צונויפמישונג פון פערשיעדענע אייגענשאפטען; דער צושטאנד, די בעשאפענהייט.

temperamen'tal *a.* (טעמ-פער-ע-מענ׳-טעל) וואס געהערט צום טעמפּעראמענט. ז. ***temperament***

temperamen'tally *adv.* (טעמ-פער-ע-מענ׳-טעל-אי) נאך׳ן טעמפּעראמענט.

tem'perance *n.* (טעמ׳-פער-ענס) טעמפּעראנץ, מעסיגקייט; מעסיגקייט אין טרינקען און עסען; צוריקגעהאלטענקייט; געלאסענהייט.

tem'perance soci'ety (טעמ׳-פער-ענס סא-סאי׳-ע-טי) א טעמפּעראנץ-פעראיין [א פעראיין צום אונטערדריקען שכרות].

tem'perate *a.* (טעמ׳-פער-אייט) מעסיג; געמעסיגט, צוריקגעהאלטען אין עסען און טרינקען; געלאסען, רוהיג; זעלבסט-בעהערשט; מילד [וועגען קלימאט אדער וועטער].

tem'perately *adv.* (טעמ׳-פער-אייט-לי) אויף א מעסיגען אופן; געמעסיגט, צוריקגעהאלטען אין עסען און טרינקען; געלאסען, רוהיג.

tem'perateness *n.* (טעמ׳-פער-אייט-נעס) מעסיגקייט, צוריקגעהאלטענקייט; געלאסענקייט; מעסיגקייט פון קלימאט אדער וועטער.

tem'perate zones (טעמ׳-פער-אייט זאונז) די מעסיגע זאנען, די ערד-טיילען וועלכע געפינען זיך צווישען די טראפּיקען [ז. ***tropic***] און צווישען די פּאלאר-קרייזען [ז. ***polar circles***].

tem'perative *a.* (טעמ׳-פער-ע-טיוו) מעסיגענד, מילדערענד, וואס מעסיגט, וואס מילדערט.

tem'perature *n.* (טעמ׳-פער-ע-טשור) טעמפּעראטור [דער גראד פון ווארימקייט, ווי פון דער לופט, פון קערפּער א. ד. ג.].

tem'pered *a.* (טעמ׳-פערד) 1. געשטימט; 2. וואס איז אנגעשטעלט אדער אנגעשטימט לויט א געוויסען טאן-ארט [וועגען א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

1. He is a good-natured man, but his brother is ill-tempered.

tem'peredly *adv.* (טעמ׳-פערד-לי) געשטימט, אין שטימונג.

tem'perer *n.* (טעמ׳-פער-ער) איינער וואס פערהארטעוועט מעטאלען; א מישער, א צונויפמישער; א מילדערער; א טעמפּערירער. ז. ***temper***

tem'pering *n.* (טעמ׳-פער-אינג) דאס פערהארטעווען מעטאלען; דאס אנשטעלען אדער אנשטימען א מוזיקאלישען אינסטרומענט נאך א געוויסען טאן-ארט.

tem'pest *n. and v.* (טעמ׳-פּעסט) א שטארקער שטורם; א שטורם-וועטער; אן

ארקאן; אז אויפרודערונג, א שטארקער טומעל; א שטורמדיגע אגיטאציאן; אויפשטורמען, אויפרודערען.

tempesta'rian *n.* (טעמ-פעס-טיי'-רי-ען) איינער וואס בעהויפטעט, אז ער קען דורך כשוף ארויסרופען א שטורם.

tem'pest-bea'ten *a.* (טעמ'-פעסט-ביע'טן) געטראפען אדער געשלאגען פון שטורם.

tem'pest in a tea'-cup (טעמ'-פעסט אין ע טיע'-קאפ) א שטורם אין א גלאז וואסער.

tem'pest in a tea'-pot (טעמ'-פעסט אין ע טיע'-פאט) א שטורם אין א גלאז וואסער.

tem'pest-tossed *a.* (טעמ'-פעסט-טאסט) געשטויסען פון שטורם.

tempes'tuous *a.* (טעמ-פעס'-טשו-אס) שטירמיש, שטורמדיג.

tempes'tuously *adv.* (טעמ-פעס'-טשו-אס-לי) מיט שטורם; אויף א שטורמדיגען אופן.

tempes'tuousness *n.* (טעמ-פעס'-טשו-אס-נעס) שטורמדיגקייט.

tem'plar *n.* (טעמ'-פלער) א יוריסט, אן אדוואקאט; א סטודענט פון יורידישען פאקולטעט.

Tem'plar *n.* (טעמ'-פלער) א טעמפלער, א טעמפעל-ריטער [א סאלדאט פון א געוויסער הייליגער קירכען-ארמעע אין מיטעלאלטער, וואס איהר צוועק איז געווען צו שיצען די קריסטען וואס פלעגען עולה-רגל זיין אין ירושלים].

tem'plate *n.* (טעמ'-פלייט) ז. *templet*.

tem'ple *n.* (טעמפל) א טעמפעל; דער בית המקדש; איינער פון די שלייפען [פון קאפ]; אזא ציערונג וואס ווערט געטראגען אויף די שלייפען; א שפאן-שטאק אין א וועב-מאשין [אזא שטאק וואס האלט אנגעצויגען דאס צייג וואס ווערט געוועבט].

tem'ple bone (טעמ'פל באון) דער שלייפען-ביין.

tem'pleless *a.* (טעמ'פל-לעס) אהן א טעמפעל.

tem'plet *n.* (טעמ'-פלעט) א שאבלאן, א מוסטער אדער א מאדעל [פאר האלץ אדער בלעך-ארבייט]; א שטרייף מעטאל מיט לעכער, וואס ווערט בענוצט פון קעסעל-שמיעדען אנצוצייכענען די לעכער-שטעלען פון קעסעל פאר די ניעטען; א קורצער קלאץ אדער א שטיין וואס ווערט בענוצט אלס אן אונטערלאגע פאר א קווער-באלקען; אן אונטערלאגע-באלקען.

tem'po *n.* (טעמ'-פאו) — דאס אין מוזיק — דאס טעמפא, די צייט-מאס, די שנעלקייט פון ריטם; די ריטמישע און מעטרישע בעוועגונג פון א טאנץ; אן אוואלע מעשענע יאפאנעזישע מטבע מיט א פיער-קאנטיגען לאך אין מיטען.

tem'poral *a.* and *n.* (טעמ'-פא-רעל) צייטליך; צייטווייליג, פערגענגליך, וואס האט צו עקזיסטירען בלויז א געוויסע צייט; ערדיש, וועלטליך [ניט גייסטיג]; אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו צייט; וואס איז שייך צו די שלייפען [פון קאפ]; עטוואס צייטליכעס אדער פערגענגליכעס; וועלטליכעס, ערדישעס [אין גענענזאץ צו גייסטליכעס]; א שלייף-ביין.

tem'poral ar'tery (טעמ'-פא-רעל אר'-טע-רי) די שלייף-ארטעריע, דער שלייף-פולס-אדער. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

temporal'ities *n.* (טעמ-פא-רעל'-אי-טיז) די וועלטליכע גיטער און די הכנסות פון א רעליגיעזען פעראיין וואס ווערט בענוצט פאר רעליגיעזע צוועקען; די וועלטליכע גיטער און די הכנסות פון א גייסטליכען.

temporal'ity *n.* (טעמ-פא-רעל'-אי-טי) צייטווייליגקייט [אין געגענזאץ צו אייביגקייט]; וועלטליכער גוטס-בעזיץ, וועלטליכעס אייגענטום.

tem'porally *adv.* (טעמ'-פא-רעל-אי) צייטליך, אין בעצוג בלויז צום לעבען אויף דער וועלט [ניט נאך'ן טויט].

tem'poralness *n.* (טעמ'-פא-רעל-נעס) וועלטליכקייט [אין געגענזאץ צו גייסטליכקייט].

tem'poral pow'er (טעמ'-פא-רעל פאו'-ער) די וועלטליכע מאכט אדער הערשאפט פון גייסטליכע [בעזאנדערס וועגען דער וועלטליכער הערשאפט פון פאפסט, וועלכער האט אמאל געהאט די וועלטליכע רעגיערונגס-מאכט איבער רוים און א טייל פון איטאליען].

tem'poralty *n.* (טעמ'-פא-רעל-טי) וועלטליכע מענשען אדער וועלטליכע ענינים [אין געגענזאץ צו גייסטליכע]; א וועלטליכער גוטס-בעזיץ, וועלטליכעס אייגענטום [אין געגענזאץ צו קירכליכע].

tempora'neous *a.* (טעמ-פא-ריי'-ני-אס) צייטווייליג, וואס איז אויף דערווייל.

tem'porarily *adv.* (טעמ'-פא-רע-רי-לי) טעמפארער, צייטווייליג, אויף דערווייל.

tem'porariness *n.* (טעמ'-פא-רע-רי-נעס) צייטווייליגקייט, פארלויפיגקייט.

tem'porary *a.* (טעמ'-פא-רע-רי) טעמפארער, צייטווייליג, וואס איז אויף דערווייל.

tem'porary injunc'tion (טעמ'-פא-רע-רי אינ-דזשאנק'-שאן) א טעמפארערער אדער צייטווייליגער דעקרעט אדער אבהאלטס-בעפעהל פון א ריכטער. ז. *injunction*.

temporisa'tion *n.* (טעמ-פא-רי-זיי'-שאן) ז. *temporization*.

tem'porise *v.* (טעמ'-פא-ראיז) ז. *temporize*.

tem'poriser *n.* (טעמ'-פא-ראי-זער) ז. *temporizer*.

temporiza'tion *n.* (טעמ-פא-רי-זיי'-שאן) דאס שטימען מיט דער צייט, דאס צופאסען זיך צו דער צייט אדער צו דער געלעגענהייט; צופאסונג צו פרעמדע מיינונגען; דאס אונטערווארפען זיך אונטער די אנגענומענע מיינונגען אדער אונטער די אומשטענדען; דאס אונטערגעבען זיך, דאס נאכגעבען; צענערונג, אבלעגונג, פערציהונג.

tem'porize *v.* (טעמ'-פא-ראיז) צענערען, אבציהען, אבלעגען; שטימען מיט דער צייט; זיך צופאסען צו דער צייט אדער צו דער געלעגענהייט; נאכגעבען; זיך אונטערווארפען אונטער די אנגענומענע מיינונגען אדער אונטער די אומשטענדען; זיך צופאסען צו פרעמדע מיינונגען.

tem'porizer *n.* (טעמ'-פא-ראי-זער) איינער וואס שטימט מיט דער צייט, איינער וואס פאסט זיך צו צו דער צייט; א נאכגעביגער מענש; איינער וואס אונטערווארפט זיך אונטער די אנגענומענע מיינונגען אדער אונטער די אומשטענדען.

tem'porizing *a.* (טעמ'-פא-ראי-זינג) וואס שטימט מיט דער צייט, וואס פאסט זיך צו צו דער צייט; נאכגעביג; זיך צופאסענד צו פרעמדע מיינונגען.

tem'porizingly *adv.* (טעמ'-פא-ראי-זינג-לי) שטימענדיג מיט דער צייט, זיך צופאסענדיג צו דער צייט; מיט נאכגעביגקייט צו פרעמדע מיינונגען.

tempt *v.* (טעמפט) פערפיהרען; ברענגען צו א נסיון; רייצען, אנרייצען.

temptabil'ity *n.* (טעמפ-טע-ביל'-אי-טי) פערפיהרבארקייט, דאס קענען פערפיהרען אדער ברענגען צו א נסיון.

temp'table *a.* (טעמפ'-טעבל) פערפיהרבאר, וואס קען פערפיהרט ווערען; וואס קען גערייצט ווערען.

temp'tableness *n.* (טעמפ'-טעבל-נעס) ז. *temptability*.

tempta'tion *n.* (טעמפ-טיי'-שאן) א נסיון; רייצונג; פערפיהרונג.

tempta'tional *a.* (טעמפ-טיי'-שאנ-על) פערפיהרעריש; וואס ברענגט צו א נסיון.

temp'ter *n.* (טעמפ'-טער) א פערפיהרער, אן אנרייצער צו בייזעס.

temp'ting *a.* (טעמפ'-טינג) פערפיהרעריש; וואס רייצט.

temp'tingly *adv.* (טעמפ'-טינג-לי) אויף א פערפיהרערישען אופן; רייצענדיג, אנרייצענדיג.

temp'tingness *n.* (טעמפ'-טינג-נעס) דאס זיין פערפיהרעריש, פערפיהרערישקייט.

temp'tress *n.* (טעמפ'-טרעס) א פערפיהרערין; אן אנרייצערין צו בייזעס.

temse *n.* (טעמס) א זיפ.

temse'-bread *n.* (טעמס'-ברעד) ברויט געבאקען פון דין-געזיפטען מעהל.

tem'ulence *n.* (טעמ'-יו-לענס) בעטרונקענהייט, שכרות.

tem'ulent *a.* (טעמ'-יו-לענט) בעטרונקען, שכור.

tem'ulently *adv.* (טעמ'-יו-לענט-לי) זייענדיג בעטרונקען, זייענדיג שכור.

tem'ulentness *n.* (טעמ'-יו-לענט-נעס) ז. *temulence*.

ten *a.* and *n.* (טען) צעהן; די צאהל צעהן; א צעהנדלינג; א צעהנטעל [אין קארטען]; צעהן אוהר.

tenabil'ity *n.* (טענ-ע-ביל'-אי-טי) די האלטבארקייט, די מעגליכקייט געהאלטען אדער פערטיידיגט צו ווערען.

ten'able *a.* (טענ'-עבל) האלטבאר, וואס קען אנגעהאלטען ווערען; וואס קען פערטיידיגט ווערען.

ten'ableness *n.* (טענ'-עבל-נעס) ז. *tenability*.

ten'ace *n.* (טענ'-אייס) אין דעם קארטען-שפיעל וויסט — די בעסטע און די דריטע בעסטע קארט פון איין פארב אין האנד.

tena'cious *a.* (טי-ניי'-שאס) פעסט-האלטענד; הארטנעקיג, פער'עקשנ'ט; שטייף, פעסט; קלעפיג; וואס האלט פעסט צוזאמען; וואס בעהאלט לאנג אין זכרון.

tena'ciously *adv.* (טי-ניי'-שאס-לי) האלטענדיג פעסט אדער שטייף; ניט ארויסלאזענדיג פון דער האנד; מיט הארטנעקיגקייט, מיט עקשנות; קלעפיג.

tena'cious mem'ory (טי-ניי'-שאס מעמ'-א-רי) א גוטער זכרון.

tena'ciousness *n.* (טי-ניי'-שאס-נעס) דאס האלטען פעסט; דאס ניט ארויסלא-

זען פון דער האנד; דאס בעהאלטען אין
זכרון; פעסטקייט; שטייפקייט; הארטנע=
קיגקייט; קלעפּיגקייט.

tenac'ity *n.* (טי-נעס'-אי-טי) די איי=
גענשאפט צו האלטען פעסט; שטייפקייט,
פעסטקייט; הארטנעקיגקייט; די שטארק=
קייט פון זכרון; קלעפּיגקייט; אין פי=
זיק — די קאהעזיאנס=קראפט [די קראפט
וועלכע האלט פעסט צוזאמען די טיילכע=
לעך פון מאטעריע. ז. ***cohesion***].

tenac'ulum *n.* (טי-נעק'-יו-לאם) אן
ארטעריען=פינצעט [אזא כירורגישער אינ=
סטרומענט וואס בעשטעהט פון א שפּיצי=
גען האקען אדער קרוטשאק אין א הענטעל
און וועלכער ווערט בענוצט אויסצוזוכען
די ארטעריען ביי אפּעראציאנען].

tenail' *n.* (טע-נייל') ז. ***tenaille***

tenaille' *n.* (טע-נייל') אין פעסטונגס=
ווערק — דער וואל אדער די אויסערע
פעסטונגס=וואנד אין דעם הויפּט=גראבען.

ten'ancy *n.* (טענ'-ען-סי) פאכט, ארענ=
דע; דאס נעהמען אין ארענדע; בעזיץ;
צייטווייליגער בעזיץ; גרונט=בעזיץ; דער
משך פון בעזיץ; דער משך אויף וועלכען
מען נעהמט לאנד אדער הייזער אויף
ארענדע.

ten'ancy at will (טענ'-ען-סי עט
הוויל) א פאכט אדער ארענדע וואס קען
אבגעזאגט ווערען צו יעדער צייט.

ten'ancy by entire'ties (טענ'-ען-סי
באי ען-טאיר'-טיז) א פאכט אדער ארענ=
דע וואס ווערט ארויסגעגעבען צו א מאן
און זיין פרוי מיט דעם תנאי דאס די
ארענדע אדער דער פאכט איז ניט טייל=
באר נאר געהערט צו ביידען.

ten'ancy in com'mon (טענ'-ען-סי
אין קאמ'-אן) א געמיינשאפטליכע אונ=
טיילבארע ארענדע אדער פאכט [אן אונ=
טיילבארע ארענדע וואס ווערט ארויסגע=
געבען צו עטליכע פערזאנען אין געמיינ=
שאפט, וואו יעדער האט אבער א קאנ=
טראקט אויף זיין אייגענעם נאמען אויף
זיין טייל].

ten'ant *n. and v.* (טענ'-ענט) א פאכטער,
אן ארענדאר, א שכן; א לעהנסמאן,
testic'ular *a.* (טעס-טיק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו די אייער [פון זכרים]; אייער-עהנליך, וואס האט א פאר אייער-עהנליכע אנוואקסונגען [וועגען געוויסע פלאנצען].

testic'ular ar'tery (טעס-טיק'-יו-לאר אר'-טע-רי) ז. ***spermatic artery***.

testic'ulate *a.* (טעס-טיק'-יו-לייט) אייער-פערמיג, עהנליך צו אן איי פון א זכר; וואס האט אן אנוואוקס עהנליך צו די אייער פון א זכר.

testic'ulated *a.* (טעס-טיק'-יו-ליי-טעד) ז. ***testiculate***.

testiere' *n.* (טעס-טי-עהר') אזא קאפ-פאנצער פאר א פערד.

testif'icate *n.* (טעס-טיפ'-אי-קייט) א פייערליכע שריפטליכע בעהויפטונג [פאר א געריכט].

testifica'tion *n.* (טעס-טי-פי-קיי'-שאן) דאס עדות-זאגען, א בעוויז.

tes'tificator *n.* (טעס'-טי-פי-קיי-טאר) אן עדות.

tes'tifier *n.* (טעס'-טי-פאי-ער) אן עדות.

tes'tify *v.* (טעס'-טי-פאי) 1. עדות זאגען; 2. דיענען אלס בעוויז; 3. בעווייזען; 4. לאזען וויסען, מאכען בעקאנט.

2. His poverty **testifies** to his severity of purpose.

tes'tily *adv.* (טעס'-טי-לי) אויף אן אנגע'ברגז'טען אופן, בייז, אויפגערעגט, שלעכט געשטימט, קאפריזנע.

testimo'nial *a.* and *n.* (טעס-טי-מאו'-ני-על) וואס איז שייך צו עדות אדער צו עדות-זאגען; וואס איז שייך צו א צייגניס, אטעסטאט אדער אנערקענונג; א צייגניס, אן אטעסטאט; אן אויסדרוק פון אנערקענונג, אכטונג אדער בעוואונדערונג; א רעקאמענדאציאן.

testimo'nial ev'idence (טעס-טי-מאו'-ני-על עוו'-אי-דענס) דירעקטע בעווייזע פון אן עדות.

testimo'nialize *v.* (טעס-טי-מאו'-ני-על-איז) אויסדריקען אנערקענונג, אכטונג אדער בעוואונדערונג.

testimo'nial let'ters (טעס-טי-מאו'-ני-על לעט'-ערז) אן אטעסטאט, א רעקאמענדאציאן, אן אנערקענונגס-צייגניס.

testimo'nial mee'ting (טעס-טי-מאו'-ני-על מיע'-טינג) אן אנערקענונגס-פערזאמלונג [א פערזאמלונג מיט'ן צוועק אויסצודריקען איינעם אנערקענונג, אכטונג אדער בעוואונדערונג].

testimo'nial priv'ilege (טעס-טי-מאו'-ני-על פריוו'-אי-לעדזש) דאס רעכט פון אן עדות ניט אויסצוזאגען געוויסע זאכען ביי א פערהער.

testimo'nial proof (טעס-טי-מאו'-ני-על פרוהף) א בעוויז דורך אן עדות [אין געגענזאץ צו דאקומענטאלע בעווייזע].

testimo'nium *n.* (טעס-טי-מאו'-ני-אם) דער שלוס-אבזאץ פון א געזעצליכען דאקומענט.

tes'timony *n.* (טעס'-טי-מא-ני) 1. בעוויז, עדות, דאס עדות-זאגען; 2. אן עפענטליכע ערקלערונג; 3. א פראטעסט; 4. דאס געטליכע געזעץ, די הייליגע שריפטען; 5. די הייליגע לוחות, די עשרת הדברות.

1. The **testimony** of the witnesses favored the plaintiff. 4. The **testimony** of the Lord is sure, making wise the simple. 5. Thou shalt put into the ark the **testimony** which I shall give thee.

tes'tiness *n.* (טעס'-טי-נעס) בייזקייט, קאפריזנעקייט, אויפגערעגטקייט.

tes'ting-box *n.* (טעס'-טינג-באקס) ז. ***test-box***.

tes'ting-clause *n.* (טעס'-טינג-קלאהז) דער בעשטעטיגונגס-פונקט פון א געזעצליכען דאקומענט [וואו עס ווערט אנגעגעבען דער דאטום, די עדות, דער נאמען פון דעם שרייבער און די צאהל זייטען פון דעם דאקומענט].

tes'tis *n.* (טעס'-טיס) אן איי [פון א זכר]; עטוואס וואס איז רונדליך און עהנליך אין אויסזעהן צו אן איי פון א זכר [ווי די מארך-טיילען פון קאפ].

test'-meal *n.* (טעסט'-מיעל) א פראבע-מאהלצייט [וואס ווערט געגעבען איינעם, אום צו בעשטימען, אויב זיין פערדייאונג איז נארמאל].

test'-me'ter *n.* (טעסט'-מיע'-טער) אן אפאראט צו פרובירען דעם פערברויך פון גאז אין גאז-ברענערס; אן אפאראט צום פרובירען די ריכטיגקייט פון גאז-מעטערס, עלעקטראמעטערס און עהנליכע אויטאמאטישע מעסט-אפאראטען.

tes'to *n.* (טעס'-טאו) די טהעמא פון א מוזיקאלישען ווערק; דער טעקסט אדער די ליברעטא [די ווערטער] פון א מוזיקאלישען ווערק.

test'-ob'ject *n.* (טעסט'-אב'-דזשעקט) א פראבע-פרעפאראט [א קליין שטיקעל שטאף, מייסטענס ארגאנישער, צו פרובירען די קראפט פון א מיקראסקאפ אדער פערגרעסונגס-גלאז].

tes'ton *n.* (טעס'-טאן) אזא פארצייטיגע זילבערנע פראנצויזישע מטבע; אזא פארצייטיגער ענגלישער שילינג.

testo'ne *n.* (טעס-טאו'-נע) אזא פארצייטיגע זילבערנע איטאליענישע מטבע [אין ווערטה פון 32 סענט].

test'-pa'per *n.* (טעסט'-פיי'-פער) רעאגענס-פאפיער, פרוביר-פאפיער [כעמיש-פרעפארירטעס פאפיער, דורך וועלכען מען געפינט אויס, אויב אין געוויסע געגענשטענדע געפינען זיך געוויסע כעמישע שטאפען. דאס ווערט אויסגעפונען פון די ענדערונגען אין דעם קאליר פון דעם רעאגענס-פאפיער].

test'-pump *n.* (טעסט'-פאמפ) א פאמפע וואס ווערט געברויכט צום פראבירען די שטארקייט אדער די אונדורכדרינגליכקייט פאר לופט און וואסער פון מעטאלענע צילינדערס.

test'-spoon *n.* (טעסט'-ספוהן) א קליין לעפעלע געברויכט ביי כעמישע עקספערימענטען.

test'-tube *n.* (טעסט'-טיוב) א פראביר-רעהר, א רעאגענס-גלאז [א גלאז-רעהרעל צו פרובירען פליסיגקייטען]; א כלאראמעטער [ז. ***chlorometer***].

test'-tube cul'ture (טעסט'-טיוב קאל'-טשור) מיקראבען וואס מען קולטיווירט אין א פראביר-רעהר. ז. ***test-tube***.

test'-types *n.* (טעסט'-טאיפס) בוכשטאבען פון פערשיעדענער גרויס וואס אויגען-דאקטוירים געברויכען צום פרובירען די ראיה.

testu'dinal *a.* (טעס-טיו'-די-נעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א שילדקראט [טשערעפאכע].

testudina'rious *a.* (טעס-טיו-די-ניי'-רי-אס) קאלירט ווי א שילדקראט-פאנצער אדער טשערעפאכע, געפלעקט אין רויט, געל און שווארץ.

Testudina'ta *n.* (טעס-טיו-די-ניי'-טא) דער מין שילדקראטען [טשערעפאכעס].

testu'dinate *a.* and *n.* (טעס-טיו'-די-נייט) ווי דער פאנצער פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע; געוועלבט, אויסגעבויגען; א שילדקראט, א טשערעפאכע.

testu'dinated *a.* (טעס-טיו'-די-ניי-טעד) געוועלבט. ז. ***testudinate***.

testudin'eal *a.* (טעס-טיו-דינ'-אי-על) ז. ***testudinal***.

testudin'eous *a.* (טעס-טיו-דינ'-אי-אס) שילדקראט-פערמיג, עהנליך צום פאנצער פון א שילדקראט [טשערעפאכע].

testu'do *n.* (טעס-טיו'-דאו) דער שטורם-דאך [ביי די אלטע רוימער — א בעשיצונג פון צוזאמענגעלעגטע פאנצערס ביי

שטורעמען א פעסטונג]; א פלאך-געוועלבטער דאך, א פלאכע וועלבונג [אין א מעטאל-גרוב אדער קויהלען-גרוב]; א שילדקראט-געשווילעכץ [א געשווילעכץ איינגעשלאסען אין א פענכער]; די שילדקראט-לירע [די לירע פון דעם רוימישען גאט מערקור; אזא פערצייטיגע לירע]; אין אנאטאמיע — א וועלבונג, די מארך-וועלבונג.

Testu'do *n.* (טעס-טיו'-דאו) א מין שילדקראטען [טשערעפאכעס].

tes'ty *a.* (טעס'-טי) בייז, קאפריזנע, אויפגערעגט.

His manner was cold and testy.

tetan'ic *a. and n.* (טי-טעני'-איק) וואס איז שייך צו שטאר-קראמפף, ספאזמען אדער פערשטארונג; וואס קומט פון שטאר-קראמפף, וואס איז ענהליך צו שטאר-קראמפף; א מעדיצינישער מיטעל וואס רופט ארויס ספאזמען אדער שטאר-קראמפף.

tet'aniform *a.* (טעט'-ע-ני-פארם) ענהליך צו שטאר-קראמפף [ספאזמען, פערשטארונג].

tetanig'enous *a.* (טעט-ע-נידזש'-ע-נאס) וואס פעראורזאכט שטאר-קראמפף, פערשטארונג אדער ספאזמען.

tetaniza'tion *n.* (טעט-ע-ני-זיי'-שאן) דאס פעראורזאכען אדער ארויסרופען שטאר-קראמפף [פערשטארונג, ספאזמען].

tet'anize *v.* (טעט'-ע-נאיז) פעראורזאכען אדער ארויסרופען שטאר-קראמפף [פערשטארונג, ספאזמען].

tet'anus *n.* (טעט'-ע-נאס) שטאר-קראמפף, קראמפף, ספאזמען, פערשטארונג.

tet'any *n.* (טעט'-ע-ני) ספאזמען, קאנוואולסיעס.

tetartoprismat'ic *a.* (טע-טאר-טא-פריז-מעט'-איק) ז. *triclinic*.

tetaug' *n.* (טע-טאהג') דער אמעריקאנישער ליפ-פיש. ז. *tautog*.

tetch'ily *adv.* (טעטש'-אי-לי) ז. *techily*.

tetch'iness *n.* (טעטש'-אי-נעס) ז. *techiness*.

tetch'y *a.* (טעטש'-אי) ז. *techy*.

tête *n.* (טייט) פאלשע האר, פערמעדע האר, א פארוק.

tête'-à-tête' *adv., a. and n.* (טייט'-ע-טייט') אונטער פיער אויגען, פריוואט, געהיים; אן אינטימער אדער פריינדליכער געשפרעך; א קורצע סאפא פאר צוויי מענשען.

tête'-à-tête' set (טייט'-ע-טייט' סעט) א טיש-סערוויז בלויז פאר צוויי מענשען.

tet'el *n.* (טעט'-על) אזא גרויסע אפריקאנישע אנטילאפע מיט גרויסע און שטארקע הערנער.

teth'er *n. and v.* (טעטה'-ער) 1. א שטריק, א קייט [צוצובינדען בהמות ביים פאשען]; 2. א בעשרענקונג, אן ערלויבטער בעשרענקטער שטח; 3. צובינדען בהמות ביים פאשען; צובינדען; 4. איינצאמען, בעשרענקען.

2. In his pleasure-seeking he went beyond his tether. 3. The hunter tethered his horse.

teth'er-stick *n.* (טעטה'-ער-סטיק) א סלופ צוצובינדען א בהמה ביים פאשען.

te'-to'tum *n.* (טיע'-טאו'-טאם) ז. *tee-totum*.

tetrabra'chius *n.* (טעט-רע-ברויי'-קי-אס) א פערזאהעניש מיט פיער הענד.

tet'rachord *n.* (טעט'-רע-קאהרד) א טעטראכארד, אן אלט-גריכישער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט פיער סטרונעס; א מוזיקאלישע גאמע פון פיער רעגעלמעסיגע גאנצע טענער.

tetrachor'dal *a.* (טעט-רע-קאהר-דעל) טעטראכארדיש; וואס איז שייך צו א טעטראכארד. ז. *tetrachord*.

tetrachor'don *n.* (טעט-רע-קאהר'-דאן) א טעטראכארדאן, א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס איז געבויט ווי א פיאנא מיט א קלאוויאטור, נאר די טענער בעקומען זיך דורך דער רייבונג פון די סטרונעס אן א זיך-דרעהענדען צילינדער.

tetrac'tomy *n.* (טע-טרעק'-טא-מי) א צוטיילונג אין פיער טיילען.

tet'rad *n.* (טעט'-רעד) די צאהל פיער; א גרופע פון פיער זאכען; אין כעמיע — אן עלעמענט, וועמעס איין אטאם איז עקוויוואלענט צו פיער אטאמען וואסערשטאף.

tetradac'tyl *a. and n.* (טעט-רע-דעק'-טיל) וואס האט פיער פינגער; א חיה מיט פיער פינגער אויף דעם פאדערשטען אדער הינטערשטען פוס.

tetradac'tyle *a. and n.* (טעט-רע-דעק'-טיל) ז. *tetradactyl*.

tetradac'tylous *a.* (טעט-רע-דעק'-טי-לאס) וואס האט פיער פינגער [וועגען א חיה].

tetradec'apod *a. and n.* (טעט-רע-דעק'-ע-פאד) וואס האט פיערצעהן פיס [וועגען געוויסע מינים ראקעס]; א בעשעפעניש מיט פיערצעהן פיס.

tetradiapa'son *n.* (טעט-רע-דאי-ע-פיי'-זאן) אין מוזיק — די פיערפאכע אקטאווע; אן אינטערוואל פון פיער אקטאווען.

tet'radite *n.* (טעט'-רע-דאיט) איינער, וועלכער האלט די צאהל פיער אלס א סמן פאר גוטס אדער שלעכטס; ביי די פערצייטיגע גריכען און רוימער — א קינד וואס איז געבארען געווארען אין פיערטען חדש אדער אין דעם פיערטען טאג פון חדש; איינער וואס דיענט צו פיער געטער.

tet'radrachm *n.* (טעט'-רע-דרעם) אין אלט-גריכענלאנד — א זילבערנע מטבע וואס האט געהאט דעם ווערטה פון פיער דראכמען.

tetradyna'mian *a.* (טעט-רע-די-ניי'-מי-ען) ז. *tetradynamous*.

tetradyn'amous *a.* (טעט-רע-דינ'-ע-מאס) אין באטאניק — וואס האט זעקס שטויב-בייטלעך [פיער לאנגע און צוויי קורצע].

tetrag'amy *n.* (טע-טרעג'-ע-מי) דאס הייראטען דעם פיערטען מאל.

tet'ragon *n.* (טעט'-רע-גאן) אין געאמעטריע — א טעטראגאן, א פיגור פון פיער ווינקלען אדער קאנטען, א פיער-קאנטיגע פיגור.

tetrag'onal *a.* (טע-טרעג'-א-נעל) אין געאמעטריע — וואס איז שייך צו א טעטראגאן אדער פיער-ווינקעלדיגער פיגור; פיער-עקיג, פיער-קאנטיג, פיער-ווינקעלדיג.

tetrag'onally *adv.* (טע-טרעג'-א-נעל-אי) פיער-ווינקעלדיג, אויף א פיער-ווינקעלדיגער אדער פיער-קאנטיגער ארט.

tet'ragram *n.* (טעט'-רע-גרעם) א טעטראגראם, א ווארט פון פיער בוכשטאבען; אין געאמעטריע — א פיגור פון פיער גראדע ליניען.

Tetragram'maton *n.* (טעט-רע-גרעמ'-ע-טאן) די מיסטישע פיער-צאהל פון בוכשטאבען [ווי די פיער בוכשטאבען פון גאט'ס נאמען יהוה].

tet'ragyn *n.* (טעט'-רע-דזשין) אין באטאניק — א טעטראגין, א פלאנצע וואס האט פיער פיסטילען [ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען].

tetragyn'ian *a.* (טעט-רע-דזשינ'-אי-ען) אין באטאניק — טעטראגיניש, מיט פיער פיסטילען [די ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען פון א פלאנצע].

tetrag'ynous *a.* (טע-טרעדזש'-אי-נאס) ז. *tetragynian*.

tetrahe'dral *a.* (טעט-רע-הי'-דרעל) אין מאטעמאטיק — טעטראהעדריש; וואס איז שייך צו א טעטראהעדראן. ז. *tetrahedron*.

tetrahe'dral an'gle (טעט-רע-הי'-דרעל ענגל) אין געאמעטריע — א סאלידער ווינקעל, וואס איז בעגרענעצט אדער בילדעט זיך אויס פון פיער דרייעקיגע פלעכען.

tetrahe'drally *adv.* (טעט-רע-הי'-דרעל-אי) אין דער פארם פון א טעטראהעדראן. ז. *tetrahedron*.

tetrahe'dron *n.* (טעט-רע-הי'-דראן) אין געאמעטריע — א טעטראהעדראן, א קערפער אדער פיגור פון פיער גלייכע דרייעקען.

Tetrahedron

tetrahexahe'dral *a.* (טעט-רע-העק-סע-הי'-דרעל) וואס האט די פארם פון א טעטראהעקסאהעדראן. ז. *tetrahexahedron*.

tetrahexahe'dron *n.* (טעט-רע-העק-סע-הי'-דראן) אין געאמעטריע — דער טעטראהעקסאהעדראן, א סאלידער קערפער מיט 24 גלייכע דרייעקיגע זייטען.


Tetrahexahedron

tetral'ogy *n.* (טע-טרעל'-א-דזשי) טעטראלאגיע, די פעראייניגונג פון פיער דראמאטישע קאמפאזיציאנען אין איין גאנצע [ווי אין אלט-גריכענלאנד — א פעראייניגונג פון דריי טראגעדיעס מיט איין סאטירע].

tetram'erous *a.* (טע-טרעמ'-ע-ראס) אין באטאניק און זאאלאגיע — פיערטייליג; וואס בעשטעהט פון פיער טיילען.

tetram'eter *a. and n.* (טע-טרעמ'-ע-טער) וואס האט פיער מעסטונגען אדער טאקטען; א טעטראמעטער, א פיער-פוס פערז, א פערז וואס האט פיער טאקטען.

tetran'der *n.* (טע-טרענ'-דער) אין באטאניק — א פלאנצע וואס האט פיער שטויב-נעפעס [מענליכע געשלעכטס-ארגאנען].

tetran'drian *a.* (טע-טרענ'-דרי-ען) ז. *tetrandrous*.

tetran'drous *a.* (טע-טרענ'-דראס) אין באטאניק — וואס האט פיער שטויב-געפעס [די מענליכע געשלעכטס-ארגאנען פון א פלאנצע].

tetrapet'alous *a.* (טעט-רע-פעט'-ע-לאס) אין באטאניק — וואס האט פיער בלומען-בלעטלעך. ז. *petal*.

tetraphyl'lous *a.* (טעט-רע-פיל'-אס) אין באטאניק — פיער-בלעטעריג; וואס בעשטעהט פון פיער בעזונדערע בלעטער.

Tet'rapla *n.* (טעט'-רע-פלא) די טעטראפלא, אן אויסגאבע פון דער ביבעל אין פיער בעזונדערע גריכישע איבערזעצונגען; אן אויסגאבע פון דער ביבעל אין פיער פערשיעדענע ווערזיאנען.

tet'rapod *a. and n.* (טעט'-רע פאד)

פיער־פיסיג; וואס האט פיער פיס; א בעשעפעניש מיט פיער פיס [בעזאנדערס װעגען געװיסע באבעלעך אדער זומער־פייגעלעך].

tetrap'odous *a.* (טע־טרעפ׳־א־דאס) וואס האט פיער פיס [װעגען א בעשעפעניש].

tetrap'olis *n.* (טע־טרעפ׳־א־ליס) א טעטראפאלים, א גרופע אדער פעראייניגונג פון פיער שטעדט; א פאליטישער בעצירק אדער דיסטריקט, וואס ענטהאלט אין זיך פיער וויכטיגע שטעדט.

tetrapol'itan *a.* (טעט־רע־פאל׳־אי־טען) וואס איז שייך צו א טעטראפאלים. ז. ***tetrapolis***.

tetrap'teran *a. and n.* (טע־טרעפ׳־טע־רען) פיער־פליגעלדיג; וואס האט פיער פליגלען; אן אינזעקט מיט פיער פליגלען.

tetrap'terous *a.* (טע־טרעפ׳־טע־ראס) פיער־פליגעלדיג; וואס האט פיער פליגלען.

tet'raptote *n.* (טעט׳־רעפ־טאוט) אין גראמאטיק — א הויפטווארט וואס האט בלויז פיער קאזוסען [ז. ***case***].

tet'rarch *n.* (טעט׳־רארק) אין דער אלט־רוימישער אימפעריע — א טעטרארך, א הערשער פון א פיערטען טייל פון א לאנד אדער פראווינץ; א ווייצע־קעניג; אין אלט־גריכענלאנד — א קאמאנדיר פון פיער רייהען סאלדאטען אין א פאלאנקס [ז. ***phalanx***].

tet'rarchate *n.* (טעט׳־ראר־קייט) א טעטרארכאט, דער דיסטריקט, וואו עס האט געהערשט א רוימישער טעטרארך. ז. ***tetrarch***.

tetrar'chical *a.* (טע־טראר׳־קי־קעל) וואס איז שייך צו א טעטרארכאט. ז. ***tetrarchate***.

tet'rarchy *n.* (טעט׳־ראר־קי) ז. ***tetrarchate***.

tetras'celus *n.* (טע־טרעס׳־ע־לאס) א פערזעהעניש מיט פיער פיס.

tetraschis'tic *a.* (טעט־רע־סקים׳־טיק) אין ביאלאגיע — וואס האט די נייגונג צו טיילען זיך אין פיער טיילען.

tetrasep'alous *a.* (טעט־רע־סעפ׳־ע־לאס) אין באטאניק — וואס האט פיער קעלך־בלעטלעך [ז. ***sepal***].

tetrasper'mous *a.* (טעט־רע־ספויר׳־מאס) אין באטאניק — וואס האט פיער זאמען אין יעדער בלום אדער אין יעדען קאמערעל פון דעם קערנער־שיידעל.

tetraspher'ical *a.* (טעט־רע־ספער׳־אי־קעל) וואס איז שייך צו פיער ספערען אדער קוגלען.

tet'rastich *n.* (טעט׳־רע־סטיק) א פערז פון פיער צייליען.

tet'rastyle *n. and a.* (טעט׳־רע־סטאיל) אין ארכיטעקטור — א פיער־זייליגע געביידע, א געביידע מיט פיער זיילען; וואס האט פיער זיילען; וואס האלט זיך אויף פיער זיילען.

tetrasyllab'ic *a.* (טעט־רע־סי־לעב׳־איק) וואס האט פיער זילבען [װעגען א ווארט].

tetrasyllab'ical *a.* (טעט־רע־סי־לעב׳־אי־קעל) ז. ***tetrasyllabic***.

tet'rasyllable *n.* (טעט׳־רע־סיל־עבל) א ווארט פון פיער זילבען.

tet'ratheism *n.* (טעט׳־רע־טהי־איזם) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — טעטראטעאיזם, די לעהרע, אז צו דער דריי־איינינקייט פון גאט ["גאט דער פאטער", "גאט דער זוהן" און "גאט דער הייליגער גייסט"] קומט נאך צו א פיערטע איינינקייט "דער געטליכער עצם".

tet'ratheite *n.* (טעט׳־רע־טהי־איט) א טעטראטעאיט, אן אנהענגער פון טעטראטעאיזם. ז. ***tetratheism***.

tet'ratone *n.* (טעט׳־רע־טאון) אין מוזיק — א טעטראטאן, אן אינטערוואל פון פיער גאנצע טענער.

tet'ter *n. and v.* (טעט׳־ער) הויט־אויסשלאג; אן אויסשיטונג אויף דער הויט, לישאיעס; אנשטעקען מיט לישאיעס.

tet'terous *a.* (טעט׳־ע־ראס) וואס האט דעם כאראקטער פון א הויט־אויסשלאג.

tet'tiga *n.* (טעט׳־אי־גא) ז. ***tettix***.

tet'tix *n.* (טעט׳־איקס) די ציקאדע אדער בוים־גריל [א גרויסער אינזעקט].

teuthol'ogy *n.* (טיו־טהאל׳־א־דזשי) טויטאלאגיע, דער טייל פון זאאלאגיע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט סעפאלאפאדען [ז. ***Cephalopoda***].

Teu'ton *n.* (טיו׳־טאן) א טעווטאן, איינער פון די טעווטאנען [אן אלט־גערמאנישער שבט]; איינער פון א גערמאנישען פאלק; א דייטש.

Teuton'ic *a. and n.* (טיו־טאנ׳־איק) טעווטאניש; וואס איז שייך צו די טעווטאנישע אדער גערמאנישע פעלקער; די שפראך פון די גערמאנישע פעלקער.

Teuton'icism *n.* (טיו־טאנ׳־אי־סיזם) א טעווטאנישער אויסדרוק; א גערמאניזם [א ווארט אדער אויסדרוק וואס איז כאראקטעריסטיש ספעציעל פאר די גערמאנישע פעלקער און זייער שפראך].

Teuton'ic lan'guages (טיו־טאנ׳־איק לענ׳־גוועדזש־עז) די טעווטאנישע שפראכען, די שפראכען וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט פון אלט־דייטש [ווי דייטש, פלאט־דייטש, ענגליש, האלענדיש א. ז. וו.].

Teu'tonism *n.* (טיו׳־טאנ־איזם) טעווטאניזם, דייטשער כאראקטער און אייגנשאפטען; א טעווטאנישער אדער דייטשער אויסדרוק.

Teutoniza'tion *n.* (טיו־טאנ־אי־זיי׳־שאן) דאס טעווטאניזירען אדער גערמאניזירען; דאס צוגעבען א דייטשען כאראקטער אדער דייטשע אייגענטימליכקייטען.

Teu'tonize *v.* (טיו׳־טאנ־איז) טעווטאניזירען, גערמאניזירען; צוגעבען א דייטשען כאראקטער אדער דייטשע אייגענטימליכקייטען; צופאסען צו די דייטשע זיטען, מנהגים א. ז. וו.

tew'el *n.* (טיו׳־על) די רעהר אין א שמעלץ־טיגעל אין וועלכער עס געהט אריין דער ווינד פון א בלאז־זאק.

Tex. — טעקסעס [אבקירצונג פון ***Texas***] א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

text *n.* (טעקסט) דער טעקסט, דאס אריגינעלע ווערק פון א מחבר [אין געגנזאץ צו אן איבערזעצונג אדער איבערדערצעהלונג]; דער הויפט אינהאלט פון א בוך אהן די פירושים, אנמערקונגען, אילוסטראציאנען א. ז. וו.; א פסוק אדער פסוקים פון תנ"ך; א זאץ אדער געגענשטאנד וואס ווערט גענומען צו בעשפרעכען און ערקלערען; א טעמא; אין מוזיק — ווערטער צו א נגון; אן ארט האנדשריפט.

text'-book *n.* (טעקסט׳־בוק) א לעהרבוך; א בוך וואס ענטהאלט אין זיך טעקסטען אדער פסוקים [ווי פון תנ"ך].

text'-hand *n.* (טעקסט׳־הענד) א גרויסע האנד־שריפט.

tex'tile *a. and n.* (טעקס׳־טיל) טעקסטיל, וואס איז שייך צו וועבען; געוועבט; א געוועב; מאטעריאל צום וועבען.

tex'tile in'dustry (טעקס׳־טיל אינ׳־דאס־טרי) די טעקסטיל־אינדוסטריע, וועבעריי, די פאבריקאציאן פון געוועבטען שטאף.

tex'tual *a.* (טעקס׳־טשו־על) וואס איז שייך צו א טעקסט. ז. ***text***.

tex'tual crit'icism (טעקס׳־טשו־על קריט׳־אי־סיזם) טעקסט־קריטיק, א וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג וועגען דער ריכטיגקייט פון טעקסט [פון אלטע ספרים, ווי די ביבעל א. ד. ג., וועלכע מען פלעגט א לאנגע צייט איבערשרייבען אין מאנוסקריפטען].

tex'tualism *n.* (טעקס׳־טשו־על־איזם) דאס האלטען זיך שטרענג אן טעקסט אדער אן בוכשטעבליכען געדאנק פון דער תורה.

tex'tualist *n.* (טעקס׳־טשו־על־איסט) א קענער פון טעקסטען אדער פסוקים פון תנ"ך; איינער וואס האלט זיך שטרענג אן דעם בוכשטעבליכען זין פון טעקסט אדער תנ"ך.

tex'tually *adv.* (טעקס׳־טשו־על־אי) בנוגע צום טעקסט. ז. ***text***.

tex'tuary *a. and n.* (טעקס׳־טשו־ע־רי) וואס איז שייך צו א טעקסט; וואס געפינט זיך אין טעקסט [ז. ***text***]; איינער וואס האלט זיך פעסט אן די בוכשטאבען פון טעקסט; א טעקסט־געלעהרטער, א קענער פון פסוק [תנ"ך].

tex'tural *a.* (טעקס׳־טשור־על) וואס איז שייך צום וועבען אדער צום געוועב.

tex'ture *n.* (טעקס׳־טשור) דאס וועבען; א געוועבטע זאך; דאס געוועב; די סטרוקטור, דאס געבוי פון עפעס; אין ביאלאגיע — אן ארגאנישעס געוועב [ווי א מוסקול א. ד. ג.].

tex'tureless *a.* (טעקס׳־טשור־לעס) אהן געוועב; פארמלאז.

tex'tus *n.* (טעקס׳־טאס) דער טעקסט פון א בוך [בעזאנדערס פון דער ביבעל].

text'-wri'ter *n.* (טעקסט׳־ראי׳־טער) א שרייבער פון טעקסט־ביכער; אן איבערשרייבער פון ביכער [איידער די קונסט פון דרוקעריי איז ערפונדען געווארען].

Th. פערקירצונג פון ***Thursday***

thalamiflo'ral *a.* (טהעל־ע־מי־פלאו׳־רעל) אין באטאניק — ביי וועלכער די בלומען־בלעטלעך און די שטויב־נעפעס וואקסען ארויס גלייך פון בלומען־בארדען [ז. ***receptacle***].

thalamiflo'rous *a.* (טהעל־ע־מי־פלאו׳־ראס) ז. ***thalamifloral***.

thal'amite *n.* (טהעל׳־ע־מאיט) אין אלט־גריכענלאנד — א טהאלאמיט, א רודערער פון דער אונטערשטער צייל אין א קריעגס־שיף [די אלט־גריכישע קריעגס־שיפען האבען געהאט דריי ציילען רודערער].

thala'mium *n.* (טהע־ליי׳־מי־אם) אין באטאניק — דער פרוכט־טראגענדער ארגאן פון א פלאנצע.

thal'amus *n.* (טהעל׳־ע־מאס) אין באטאניק — דער בלומען־בארדען [ז. ***receptacle***]; אין אנאטאמיע — דאס ארט אין מארך וואו עס הויבט זיך אן דער זעה־נערוו; אין אלט־גריכענלאנד — דאס אינערליכע צימער פון א הויז; דאס פרויען־צימער.

thalas'sian *n.* (טהע־לעס׳־אי־ען) א ים־חיה; א ים־טשערעפאכע, א ים־שילד־קראט.

thalas'sic *a.* (טהע־לעס׳־איק) וואס לעבט אין ים [וועגען ים־חיות]; וואס

איז שייך צום ים [אין נעגענזאץ צום אקעאן].

thalas'siophyte *n.* (טהע-לעס'-אי-א-פאיט) א ים-גראז.

thalassog'rapher *n.* (טהעל-ע-סאג'-רע-פער) ז. ***oceanographer***

thalassograph'ic *a.* (טהע-לעס-א-גרעפ'-איק) ז. ***oceanographic***

thalassog'raphy *n.* (טהעל-ע-סאג'-רע-פי) ז. ***oceanography***

thalassom'eter *n.* (טהעל-ע-סאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

tha'ler *n.* (טא'-לער) א טאלער [אן אמאליגע דייטשע זילבערנע מטבע אין ווערטה פון אונגעפעהר 71 אמעריקאנער סענט].

Thali'a *n.* (טהע-לאי'-א) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — טהאליא, די מוזע פון קאמעדיע און לירישער פאעזיע.

Thali'an *a.* (טהע-לאי'-ען) וואס איז שייך צו טהאליא [די מוזע פון קאמעדיע]; קאמיש.

thal'lic *a.* (טהעל'-איק) וואס געהערט צו טאליום. ז. ***thallium***

thal'lious *a.* (טהעל'-אי-אס) ז. ***thallic***

thal'lite *n.* (טהעל'-איט) דער מינעראל טהאליט אדער עפידאט [ז. ***epidote***].

thal'lium *n.* (טהעל'-אי-אם) טאליום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען. ער איז א גרוי-ווייסער, ווייכער און גלאנציגער מעטאל וואס געפינט זיך אין קליינע קוואנטיטעטען און ווערט געברויכט אין דער פאבריקאציאן פון גלאז און אנדערע זאכען].

thal'logen *n.* (טהעל'-א-דזשען) ז. ***thallophyte***

thal'lophyte *n.* (טהעל'-א-פאיט) א פלאנצע פון די נידריגסטע מינים קריפטאגאמען [ז. ***Cryptogamia***].

thal'lus *n.* (טהעל'-אס) אין באטאניק — א פלאנצע, וועלכע איז ניט דיפערענצירט געווארען אין א ווארצעל, שטאם אדער בלעטער [ווי די נידריגע קריפטאגאמען. ז. ***Cryptogamia***].

tham'nophile *n.* (טהעמ'-נא-פיל) ז. ***bush-shrike***

than *c.* (טהען) אלס; ווי.

tha'nage *n.* (טהיי'-נעדזש) דאס אמט אדער ווירדע פון א טהאן; דער דיסטריקט אדער טעריטאריע אונטער דער הערשאפט פון א טהאן [ז. ***thane***].

than'atoid *a.* (טהען'-ע-טאיד) ווי דער טויט; עהנליך צום טויט; וואס ברענגט טויט.

thanatol'ogy *n.* (טהען-ע-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען טויט.

thanatop'sis *n.* (טהען-ע-טאפ'-סיס) בעטראכטונגען אדער געדאנקען וועגען דעם טויט.

thane *n.* (טהיין) ביי די פארצייטיגע אנגלא-זאקסען — א טהאן, א ריטער, א באראן.

thane'dom *n.* (טהיין'-דאם) די טהאנ-שאפט, דער דיסטריקט אדער די טעריטאריע, וואס האט בעלאנגט צו א טהאן; די מאכט אדער הערשאפט פון א טהאן [ז. ***thane***].

thane'hood *n.* (טהיין'-הוד) דאס אמט אדער די ווירדע פון א טהאן; די טהאנען אין אלגעמיין [ז. ***thane***].

thane'-land *n.* (טהיין'-לענד) לאנד וואס בעלאנגט צו א טהאן; דער דיסטריקט אונטער דער יורידיקציאן פון א טהאן [ז. ***thane***].

thane'ship *n.* (טהיין'-שיפ) די טהאנ-שאפט. ז. ***thanehood***

thank *v. and n.* (טהענק) בע-דאנקען; א דאנק.

than'ker *n.* (טהענ'-קער) אן אבדאנקער; איינער וואס דאנקט.

thank'ful *a.* (טהענק'-פול) דאנקבאר.

thank'fully *adv.* (טהענק'-פול-אי) אויף א דאנקבארען אופן; מיט דאנקבארקייט.

thank'fulness *n.* (טהענק'-פול-נעס) דאנקבארקייט.

thank'less *a.* (טהענק'-לעס) אונדאנקבאר; וואס פערדיענט ניט קיין דאנק.

thank'lessly *adv.* (טהענק'-לעס-לי) מיט אונדאנקבארקייט; אויף אן אונדאנקבארען שטייגער.

thank'lessness *n.* (טהענק'-לעס-נעס) אונדאנקבארקייט.

thank'-of'fering *n.* (טהענק'-אפ'-ער-אינג) א דאנק-אפפער, א קרבן תודה.

thanks *n.* (טהענקס) דאנקע, א דאנק.

thanksgiv'er *n.* (טהענקס-גיוו'-ער) אן אבדאנקער; א דאנק-זאגער.

thanksgiv'ing *n.* (טהענקס-גיוו'-אינג) א דאנקזאגונג; די דאנקזאגונג צו גאט דורך א ברכה, דורך א תפילה אדער דורך א קרבן.

Thanksgiv'ing *n.* (טהענקס-גיוו'-אינג) ז. ***Thanksgiving day***

Thanksgiv'ing day (טהענקס-גיוו'-אינג דיי) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דער דאנקזאגונגס-טאג, דער דאנק צו גאט פאר די ברכות פון יאהר [א נאציאנאלער יום-טוב וואס ווערט געוועהנליך געפייערט דעם לעצטען דאנערשטאג פון נאוועמבער].

thank'worthy *a.* (טהענק'-וואיר-טהי) דאנקווירדיג; וואס איז ווערטה בעדאנקט צו ווערען.

thank'-you-ma'am *n.* (טהענק'-יו-מעם) א נידריג טרעפעל פון אנגעשאטענער ערד איבער א וועג, וואס געהט בארג-אראב, כדי צו פערהאלטען א וואגען ער זאל ניט אראבלויפען צו האסטיג, ווי אויך אבצוקעהרען די ריכטונג פון רעגען-וואסער עס זאל ניט פליסען איבער'ן וועג.

Tharge'lia *n.* (טהאר-גי'-לי-א) אין אלט-גריכענלאנד — די טארגעליען, א יום-טוב אין דער שטאדט אטהען וואס פלעגט געפייערט ווערען צוויי טעג לכבוד די געטער אפאלא און ארטעמיס.

Tharge'lion *n.* (טהאר-גי'-לי-אן) ביי די אלטע גריכען — דער חדש טארגעליאן, דער עלפטער חדש פון יאהר [ענטשפרעכענד די לעצטע וואכען פון מאי און די ערשטע וואכען פון יוני].

that *pr., a., c. and adv.* (טהעט) 1. יענער, יענע, יענעס; 2. דעריעניגער, די יעניגע, דאס יעניגע, דער דאזיגער, די דאזיגע, דאס דאזיגע [געברויכט אין דיעזען זין אום אויסצומיידען א ווידערהאהלונג]; 3. דאס; 4. דאס וואס; 5. וועלכער, וועלכע, וועלכעס; וואס; 6. אז; 7. ווייל; 8. אום, כדי; 9. אזוי ווי; 10. הלואי; 11. אזוי.

2. This is my judgment and that of my friend's. 3. He is scrupulously honest and that makes him the favorite of the people. 5. He is the man that I spoke of. 6. Who is so firm that he cannot be persuaded? 7. It is not that I am not interested in your proposition, but I am too busy to consider it. 8. Treat him kindly that he may wish to stay with us. 10. This was our first quarrel and would that it might be the last. 11. You cannot go that far in denouncing him.

that be'ing so (טהעט בי'-אינג סאו) אזוי ווי...; אנגעהמענדיג דאס...

That being so I must not delay here any longer.

thatch *n. and v.* (טהעטש) דאס דאך-שטרוי; ראהר אדער טראסטניק צו דעקען א דאך; א פאלמע וועמעס בלעטער ווערען בענוצט צו דעקען דעכער; מאכען א דאך פון שטרוי אדער ראהר.

thatched house (טהעטשט האוס) א הויז בעדעקט מיט שטרוי.

thatch'er *n.* (טהעטש'-ער) א שטרוי-דעקער [איינער וואס דעקט דעכער מיט שטרוי].

thatch'-grass *n.* (טהעטש'-גרעס) גראז וואס ווערט בענוצט צו דעקען דעכער.

thatch'ing *n.* (טהעטש'-אינג) דאס דעקען דעכער מיט שטרוי אדער ראהר; דאס גראז-ארטיגע מאטעריאל וואס ווערט בענוצט צו דעקען דעכער.

thatch'y *a.* (טהעטש'-אי) פון דאך-שטרוי; עהנליך צו דאך-שטרוי.

that is (טהעט איז) דאס הייסט; דאס מיינט; דאס איז.

that is to say (טהעט איז טו סיי) דאס הייסט, דאס מיינט, נעמליך.

that one (טהעט הוואן) יענער.

that's the tip (טהעטס טהי טיפ) דאס איז דער פונקט, אט וועגען דעם האנדעלט עס זיך.

that's the way (טהעטס טהי וויי) אזוי! אזוי דארף עס זיין; גוט!

thau'masite *n.* (טהאה'-מע-סאיט) דער טוימאסיט [א זא טונקעל-ווייסער מינעראל].

thaumatog'raphy *n.* (טהאה-מע-טאג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון די נאטור-וואונדער.

thau'matrope *n.* (טהאה'-מע-טראופ) א טאומאטראפ, א שפיעלצייג וואס איז געגרינדעט אויף אן אפטישער אילוזיאן [ווי למשל, ווען מען זאל אויף איין זייט פון א רונדער פלאטע אויסמאלען א פויגעל און אויף דער אנדער זייט א שטייג, און מען זאל שנעל דרעהען די פלאטע, דאן וועט מען זעהן אויף איהר ניט צוויי בעזונדערע צייכנונגען, נאר איינע — א פויגעל אין א שטייג].

thau'maturge *n.* (טהאה'-מע-טוירדזש) א טאומאטורג, א וואונדער-מאכער, א בעל-מופת; איינער וואס בעווייזט וואונדערליכע אדער כלומר'שט איבערנאטירליכע זאכען.

thaumatur'gic *a.* (טהאה-מע-טויר'-דזשיק) טאומאטורגיש; וואס איז שייך צו מופתים אדער וואונדערליכע זאכען; מאגיש.

thaumatur'gical *a.* (טהאה-מע-טויר'-דזשי-קעל) ז. ***thaumaturgic***

thaumatur'gics *n.* (טהאה-מע-טויר'-דזשיקס) צויבער-קונסט, מאגיק, וואונדער-טהועריי.

thaumatur'gism *n.* (טהאה-מע-טויר'-דזשיזם) ז. ***thaumaturgy***

thau'maturgist *n.* (טהאה'-מע-טויר-דזשיסט) ז. ***thaumaturge***

thaumatur'gus *n.* (טהאה-מע-טויר'-גאס) א וואונדער-מאכער, א וואונדער-טהוער; א בעל-מופת.

thau'maturgy *n.* (טהאה'-מע-טויר-דזשי) וואונדער-טהועריי, די קונסט צו מאכען וואונדער; מאגיק; צויבער-קונסט.

thaw *v. and n.* (טהאה) טויען, צוגעהן,

צושמאלצען ווערען [וועגען שנעע און אייז]; אבגעהן [ווערען ווארימער, זיך בעפרייען פון פראסט]; אבלאזען, ווערען ווארימער [וועגען וועטער, ביי וועלכען דאס אייז אדער שנעע נעהמען צוגעהן]; מאכען אז אדליגע אדער טוי=וועטער; שמעלצען, פאנאנדערלאזען [שנעע אדער אייז]; לאזען אבגעהן [פערפרארענע זאכען]; ווערען פרייער, ווערען וועניגער שטייף [אין האלטונג]; מאכען פרייער, מאכען וועניגער שטייף, בעפרייען פון פערלעגענהייט [אין האלטונג]; א טוי=וועטער, אן אדליגע; שמעלצונג, דאס צוגעהן; דאס אבגעהן; דאס ווערען וועניגער שטייף.

thaw'-drop *n.* (טהאה'–דראפּ) א טראפּען פון צושמאלצענעם שנעע אדער אייז.

thaw'less *a.* (טהאה'–לעס) אהן אן אדליגע אדער טוי=וועטער, ניט שמעלצענד [שנעע אדער אייז].

thaw'y *a.* (טהאה'–אי) אויפטויענד, שמעלצענד [שנעע אדער אייז]; וואס פעראורזאכט אן אדליגע אדער טוי=וועטער.

This is the first thawy day in February.

the *adv.* (טהי) 1. דער, די, דאס; 2. דעסטא, אלץ.

2. Is he here? The better for all of us.

the ... the (טהי ... טהי) וואס — אלץ, וואס — דעסטא.

Come to see us, the sooner the better.

The'a *n.* (טהי'–א) דער מין טהעע=פלאנצען.

the above' (טהי ע–באוו') דאס אויבערשטע, דאס אויבער=דערמאנטע, הנ"ל.

thean'dric *a.* (טהי–ענ'–דריק) גאט=מענשליך, געטליך און מענשליך אין איין און דערזעלבער צייט [ווי קריסטוס לויט דער קריסטליכער טעאלאגיע].

thean'dric opera'tion (טהי–ענ'–דריק אפּ–ע–ריי'–שאן) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די הארמאנישע צוזאמענווירקונג פון דער געטליכער און מענשליכער נאטור ביי קריסטוס'ען.

theanthrop'ic *a.* (טהי–ענ–טהראפּ'–איק) ז. *theandric*

theanthrop'ical *a.* (טהי–ענ–טהראפּ'–אי–קעל) ז. *theandric*

thean'thropism *n.* (טהי–ענ'–טהרא–פּיזם) גאט=מענשליכקייט, דאס זיין אי געטליך אי מענשליך אין איין און דערזעלבער צייט [ווי קריסטוס לויט דער קריסטליכער טעאלאגיע]; דער גלויבען אין גאט=מענשליכקייט; פערגעטליכונג פון מענשען; פערמענשליכונג פון דער גאטהייט.

thean'thropy *n.* (טהי–ענ'–טהרא–פּי) גאט=מענשליכקייט; דער גלויבען אין גאט=מענשליכקייט. ז. *theanthropism*

the'archy *n.* (טהיע'–אר–קי) גאטעס=הערשאפט; טעאקראטיע [ז. *theocracy*]; א געטער=קלאס, א געטער=היערארכיע.

the'ater *n.* (טהיע'–ע–טער) 1. א טעאטער; א זאל געבויט ווי א טעאטער [מיט שטופּענווייזע שטייגונגען פון דיל]; א פּלאץ מיט שטופּענווייזע שטייגונגען; אן אמפיטעאטער; 2. א רעזערוואר, א באסיין; 3. א שוי=פּלאץ; א פּלאץ וואו עפּעס קומט פאר; 4. די ביהנע, די דראמא, די דראמאטישע קונסט, די דראמאטישע ליטעראטור.

3. The city is the theater of war between political factions. 4. He is working on a history of the American theater.

the'ater-go'er *n.* (טהיע'–ע–טער–גאו'–ער) א טעאטער=געהער, א טעאטער=בעזוכער.

the'ater-go'ing *n.* (טהיע'–ע–טער–גאו'–אינג) אפטער טעאטער=בעזוך.

the'ater-par'ty *n.* (טהיע'–ע–טער–פּאר'–טי) אן אונטערהאלט, נאך וועלכען אדער פאר וועלכען די געסט בעזוכען א טעאטער.

The'atin *n. and a.* (טהיע'–ע–טין) א טהעאטינער [א מאנאך פון א געוויסען קאטוילישען ארדען, וועלכער האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1524 מיט'ן צוועק צו בעקעמפפען די רעפארמאציאן]; טהעאטיניש, וואס איז שייך צו די טהעאטינער.

The'atine *n. and a.* (טהיע'–ע–טין) ז. *Theatin*

the'atre *n.* (טהיע'–ע–טער) ז. *theater*

theat'ric *a.* (טהי–עט'–ריק) וואס איז שייך צו טעאטער; ביהנענמעסיג; טעאטראליש. ז. *theatrical*

theat'rical *a. and n.* (טהי–עט'–רי–קעל) 1. וואס איז שייך צו טעאטער אדער טעאטער=פארשטעלונגען; ביהנענמעסיג; 2. וואס בעצוועקט צו ציהען אויפמערקזאמקייט, עקסטראוואגאנט, אויסשטעלעריש; 3. טעאטראליש, געמאכט, געקינסטעלט, ניט נאטירליך; 4. אן אקטיאר.

2. She is always dressed in ridiculous theatrical costumes. 3. He is the laughing stock of the town on account of his theatrical manners.

theat'ricalise *v.* (טהי–עט'–רי–קעל–איז) ז. *theatricalize*

theat'ricalism *n.* (טהי–עט'–רי–קעל–איזם) ביהנען=פארשטעלונג, די טעאריע אדער די מעטאדען פון טעאטער=אויפפיהרונג; טעאטראלישקייט, געקינסטעלטקייט, געמאכטקייט, אוננאטירליכקייט.

theatrical'ity *n.* (טהי–עט–רי–קעל'–אי–טי) ביהנענמעסיגקייט; טעאטראלישקייט, געקינסטעלטקייט.

theat'ricalize *v.* (טהי–עט'–רי–קעל–איז) מאכען ביהנענמעסיג, דראמאטיזירען, איבערגעבען אין א דראמאטישער פארם.

theat'rically *adv.* (טהי–עט'–רי–קעל–אי) אויף א ביהנענמעסיגען אופן; אויף א טעאטראלישען, געקינסטעלטען אדער ניט נאטירליכען שטייגער.

theat'ricalness *n.* (טהי–עט'–רי–קעל–נעס) ז. *theatricality*

theat'ricals *n.* (טהי–עט'–רי–קעלז) 1. אקטיארען; 2. ביהנען=רעקוויזיטען, זאכען וואס זיינען נויטיג פאר א ביהנע=פארשטעלונג; 3. א דראמאטישע פארשטעלונג [הויפטזעכליך פון ניט פראפעסיאנעלע שפּיעלער].

3. Private theatricals are the latest craze of the society.

the'ca *n.* (טהיע'–קא) א קעסטעל; אן איינהילונג, א צודעק; א שייד; א קאפּסול.

thee *pr.* (טהיע) דיר, דיך; דיין. ז. *thou*

theft *n.* (טהעפט) גנבה; א גנבה.

thegn *n.* (טהיין) ז. *thane*

thegn'hood *n.* (טהיינ'–הוד) ז. *thanehood*

the'ic *n.* (טהיע'–איק) א טהעע=שכור, אן איבערמעסיגער טהעע=טרינקער, איינער וואס טרינקט צו פיעל טהעע.

the'iform *a.* (טהיע'–אי–פארם) טהעע=עהנליך.

the'in *n.* (טהיע'–אין) ז. *theine*

thei'na *n.* (טהי–אי'–נא) ז. *theine*

the'ine *n.* (טהיע'–אין) טהעאין אדער קאפעאין [דער עסענץ פון טהעע, קאפע און איינינע אנדערע פלאנצען. ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס מיטעל געגען נערווען=קראנקהייטען].

their *pr.* (טהעהר) זייער, זייערע.

theirs *pr.* (טהעהרז) זייערס, דער זייעריגער, די זייעריגע, דאס זייעריגע.

the'ism *n.* (טהיע'–איזם) טעאיזם, דער גלויבען אין גאט; טהעאיזם, א קראנקהאפטער צושטאנד וואס קומט פון געברויכען צו פיעל טהעע.

the'ist *n.* (טהיע'–איסט) א טעאיסט, א גלויבינער, איינער וואס גלויבט אין גאט.

theis'tic *a.* (טהי–איס'–טיק) טעאיסטיש, גלויביג, וואס גלויבט אין גאט.

theis'tical *a.* (טהי–איס'–טי–קעל) ז. *theistic*

them *pr.* (טהעם) זיי. ז. *they*

the'ma *n.* (טהיע'–מא) [ז. *thesis*]; א טהעזיס; א טהעמא, א געדאנק, דער גרונד=געדאנק, א בעהויפטונג; א פּראווינץ אין דער פארצייטיגער ביזאנטישער אימפעריע.

themat'ic *a. and n.* (טהי–מעט'–איק) אין מוזיק — וואס איז שייך צו דער טהעמא, גרונד=געדאנק אדער גרונד=מאטיוו [אויף וועלכען עס ווערען געמאכט ווריאציאנען]; וואס איז שייך צו דער גרונד=פארם פון א ווארט [אהן די ענדונגען]; דער טייל פון לאגיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט טהעמאס אדער גרונד=געדאנקען.

themat'ical *a.* (טהי–מעט'–אי–קעל) אין מוזיק — וואס איז שייך צום גרונד=מאטיוו; וואס איז שייך צו דער גרונד=פארם פון א ווארט. ז. *thematic*

themat'ically *adv.* (טהי–מעט'–אי–קעל–אי) אין בעצוג צו דער טהעמא, צום גרונד=געדאנק, צום גרונד=מאטיוו אדער צו דער גרונד=פארם.

theme *n.* (טהיעם) א טהעמא, א געגענשטאנד פון א רעדע אדער שריפטליכער אבהאנדלונג; א קורצע אבהאנדלונג אויף א נעגעבענער טהעמא, א שול=קאמפאזיציאן [אויף א געגעבענער טהעמא]; דער גרונד=טייל פון א ווארט [אהן די ענדונגען]; דער גרונד=מאטיוו פון א מוזיקאלישער קאמפאזיציאן [אויף וועלכען עס ווערען געמאכט ווריאציאנען]; א גרונד=געדאנק; א פּראווינץ אין דער פארצייטינער ביזאנטישער אימפעריע.

The'mis *n.* (טהיע'–מיס) טהעמיס, די אלט=גריכישע געטין פון גערעכטיגקייט; דער 24טער פלאנעטאיד [איינער פון די פיעלע קליינע פלאנעטען וואס בעוועגען זיך ארום דער זון צווישען מארס און יופּיטער].

themselves' *pr.* (טהעם–סעלווז') זיי זעלבסט, זיי אליין; זיך; זיך זעלבסט.

then *adv., c. and a.* (טהען) 1. דעמאלט, דאמאלס; 2. נאכדעם; 3. דאן, טא, אלזא, אין אזא פאל; 4. דאמאלדיג.

1. Then I was not prepared to take up the matter. 2. I shall stay one day in Boston, then I shall proceed to Portland. 3. If our plans fail we shall then consider your offer.

then'adays *adv.* (טהענ'–ע–דייז) אין יענע, דאמאלסדיגע טעג, דעמאלט.

then and there (טהען ענד טהעהר) באלד, אויף'ן פלאץ.

I accepted his offer then and there.

thence *adv.* (טהענס) פון דאנען; פון דארטען; פון דעמאלט אן; דעריבער; ניט פאראן, אבוועזענד.

thence'forth' *adv.* (טהענס'–פאהרטה') פון דעמאלט אן, זייט דאן.

thence'for'ward *adv.* (טהענס'–פאהר'–הווארד) פון דעמאלט אן; פון דארטען אן.

thence'from' *adv.* (טהענס'–פראם') פון דארטען.

theoc'racy *n.* (טהי–אק'–רע–סי) טעאקראטיע, גאטעס=הערשאפט, פּריסטער=

הערשאפט [אזא רעגירונגס־פארם, וואו גאט ווערט גערעכנט אלס דער אונמיטעל־בארער הערשער פון פאלק און אלע זיינע בעפעהלען און פעראָרדנונגען ווערען אי־בערגעגעבען דורך זיינע נאָהענטסטע מקורבים, דורך די כהנים אָדער נביאים. די גאנצע געזעצגעבונג בעקומט דעם כא־ראַקטער פון פערהייליגטע דינים און מצוות (ווי עס איז געווען ביי די פּאַרצייטיגע אידען), און דער פּריסטער־קלאַס ווערט דער רעגירענדער עלעמענט פון פאלק].

theoc'rasy *n.* (טהי־אָק'־רע־סי) א פארם פון רעליגיאָן, וועלכע שמעלצט מיט זיך פאר א געמיש פון קולט אָדער דינונג צו פער־שיעדענע געטער; אין דער מיסטישער פי־לאָזאָפיע פון מיטעלאַלטער — די פער־שמעלצונג אָדער אינערליכע פערבינדונג פון דער נשמה מיט גאט אין דענקען ווע־גען געטליכקייט [דבקות].

the'ocrat *n.* (טהיע'־אָ־קרעט) א טעא־קראט, א הערשער אין א טעאָקראטישער אָרדנונג. ז. *theocracy*

theocrat'ic *a.* (טהיע־אָ־קרעט'־איק) טעאָקראטיש; וואס איז שייך צו א טעא־קראטיע. ז. *theocracy*

theocrat'ical *a.* (טהיע־אָ־קרעט'־אי־קעל) ז *theocratic*

theoc'ratist *n.* (טהי־אָק'־רע־טיסט) אן אנהענגער פון די פרינציפען פון טעא־קראטיע [איינער וועלכער האלט אז די ארגאניזאציאָן און די רעגירונג פון דער געזעלשאפט איז א רעזולטאט פון א די־רעקטען בעפעהל פון גאט, וואס איז אי־בערגעגעבען געוואָרען דורך ענטפלעקונג צו די כהנים אָדער נביאים].

Theocrite'an *a.* (טהי־אָק־רי־טי'־ען) וואס איז שייך צום גריכישען פּאָעט טעא־קריט, דער גרינדער פון דער אידילישער פּאָעזיע. ז. *idyl*

theod'icy *n.* (טהי־אָד'־אי־סי) די טעא־דיצעע, די רעכטפערטיגונג פון גאט [א פילאָזאָפיש־רעליגיעזע לעהרע, וואו עס ווערט דערוויזען, אז גאט'ס הייליגקייט און גערעכטיגקייט ווערט ניט געמינדערט צו־ליעב דעם, וואס ער האט בעשאפען א וועלט, וואס איז פול מיט איבעל און רשעות].

theod'olite *n.* (טהי־אָד'־אָ־לאיט) א טעאָדאָליט, אזא מעסטונגס־אינסטרומענט מיט א שפּאַקטיוו, דורך וועלכען מען קען מיט א גענויער פּינקטליכקייט אויסמעסטען פערשידענע האריזאָנטאלע און ווערטיקא־לע ווינקלען [ווערט בענוצט אין לאנד־מעסטונג].



Theodolite

theodolit'ic *a.* (טהי־אָד־אָ־ליט'־איק) וואס איז שייך צו א טעאָדאָליט; וואס איז געמאסטען געוואָרען דורך א טעאָדא־ליט. ז. *theodolite*

theogon'ic *a.* (טהיע־אָ־גאָנ'־איק) טעא־גאָניש; וואס איז שייך צו טעאָגאָניע. ז. *theogony*

theog'onist *n.* (טהי־אָג'־אָ־ניסט) א טעאָגאָניסט, א קענער אין טעאָגאָניע. ז. *theogony*

theog'ony *n.* (טהי־אָג'־אָ־ני) טעאָגאָ־ניע, געטער־אבשטאמונג [די זאגע אָדער די לעהרע וועגען דער אבשטאמונג פון די געטער].

theol. פערקירצונג פון *theology*

the'olog *n.* (טהיע'־אָ־לאָג) ז. *theologue*

theol'ogaster *n.* (טהי־אָל'־אָ־געס־טער) איינער וואס גיט זיך אויס פאר א קענער אין טעאָלאָגיע אָדער רעליגיאָנס־פראגען.

theolo'gian *n.* (טהי־אָ־לאָ'־דזשיען) א טעאָלאָג, א קענער פון טעאָלאָגיע. ז. *theology*

theolog'ic *a.* (טהיע־אָ־לאָדזש'־איק) ז. *theological*

theolog'ical *a.* (טהיע־אָ־לאָדזש'־אי־קעל) טעאָלאָגיש; וואס איז שייך צו טעא־לאָגיע. ז. *theology*

theolog'ically *adv.* (טהיע־אָ־לאָדזש'־אי־קעל־אי) אויף א טעאָלאָגישען שטיי־גער; לויט די פרינציפען פון טעאָלאָגיע; בנוגע צו טעאָלאָגיע. ז. *theology*

theol'ogise *v.* (טהי־אָל'־אָ־דזשאיז) ז. *theologize*

theol'ogist *n.* (טהי־אָל'־אָ־דזשיסט) ז. *theologian*

theologi'um *n.* (טהי־אָ־לאָ־דזשאי'־אָם) א קליינער איבערשטער באלקאָן אויף דער סצענע פון א פארצייטיגען טעאטער, וואו עס פלעגען ארויסטרעטען די אקטיא־רען, וועלכע פלעגען פארשטעלען געטער אָדער געטינען.

theol'ogize *v.* (טהי־אָל'־אָ־דזשאיז) טע־אָלאָגיזירען, דענקען איבער טעאָלאָגישע פראגען; זיך מפלפל זיין וועגען אמונה־זאכען; מאכען טעאָלאָגיש, בענוצען א טע־אָריע אָדער א פילאָזאָפישע סיסטעם אלס א רעליגיאָנס־לעהרע.

the'ologue *n.* (טהיע'־אָ־לאָג) א טעא־לאָג, א קענער פון טעאָלאָגיע. ז. *theology*

theol'ogy *n.* (טהי־אָל'־אָ־דזשי) טעאָלאָ־גיע, רעליגיאָנס־וויסענשאפט.

theom'achist *n.* (טהי־אָמ'־ע־קיסט) א קעמפפער געגען גאט אָדער געגען די גע־טער [ווי אין פארצייטיגע מיטאָלאָגיען— די נפילים אָדער די ריזען, וועלכע הא־בען געקעמפפט געגען די געטער].

theom'achy *n.* (טהי־אָמ'־ע־קי) א קאמפף געגען גאט אָדער געגען די געטער [ז. *theomachist*]; אפּאָזיציאָן אָדער געגנערשאפט צום געטליכען ווילען.

the'omancy *n.* (טהיע'־אָ־מענ־סי) דאס נביאות־זאגען לויט די ענטפערס פון ארא־קעל. ז. *oracle*

theoma'nia *n.* (טהיע־אָ־מיי'־ני־ע) טע־אָמאניע, א משוגעת וועגען דער קראנקער איז איינגעגלויבט, אז ער איז גאט אָדער אז גאט געפינט זיך אין איהם.

theoma'niac *n.* (טהיע־אָ־מיי'־ני־עק) א טעאָמאניאק, א משוגע'נער, וועלכער איז איינגעגלויבט, אז ער איז גאט אָדער אז די גאטהייט רוהט אין איהם.

theoman'tic *a.* (טהיע־אָ־מענ'־טיק) וואס איז שייך צום נביאות־זאגען לויט די ענטפערס פון אן אראקעל. ז. *theomancy*

theomor'phic *a.* (טהיע־אָ־מאָהר'־פיק) וואס האט די פארם אָדער די ענליכקייט פון גאט.

theomor'phism *n.* (טהיע־אָ־מאָהר'־פיזם) גאט־ענליכקייט.

Theopas'chite *n.* (טהיע־אָ־פעס'־קאיט) א טעאָפאסכיט — איינער וואס האלט, אז גאט, אין דער פערזענליכקייט פון ישוס קריסטוס, האט געליטען יסורים און איז געקרייציגט געוואָרען.

theopathet'ic *a.* (טהיע־אָ־פע־טהעט'־איק) ז. *theopathic*

theopath'ic *a.* (טהיע־אָ־פעטה'־איק) טעאָפּאטיש; וואס איז שייך צו טעאָפּא־טיע. ז. *theopathy*

theop'athy *n.* (טהי־אָפּ'־ע־טהי) טעא־פּאטיע, גאטס־ליעבע, ליעבע צו גאט, פרומקייט.

Theoph'any *n.* (טהי־אָפ'־ע־ני) ז. *Epiphany*

theoph'any *n.* (טהי־אָפ'־ע־ני) טעאָפא־ניע, די ענטפלעקונג פון גאט.

theophilanthrop'ic *a.* (טהיע־אָ־פיל־ען־טהראָפּ'־איק) טעאָפילאנטראָפיש; וואס פעראייניגט די ליעבע צו גאט מיט דער ליעבע צו מענשען.

theophilan'thropism *n.* (טהיע־אָ־פי־לענ'־טהרא־פיזם) טעאָפילאנטראָפּיזם, די פעראייניגונג פון דער ליעבע צו גאט מיט דער ליעבע צו מענשען.

theophilan'thropist *n.* (טהיע־אָ־פי־לענ'־טהרא־פיסט) א טעאָפילאנטראָפ, איינער וואס פעראייניגט די ליעבע צו גאט מיט דער ליעבע צו מענשען; איינער פון א געזעלשאפט, וואס האט זיך אויסגע־בילדעט אין פאריז אין די צייטען פון דער דירעקטאָריום [ז. *Directory*] מיט דעם צוועק צו גרינדען א נייע רע־ליגיאָן אנשטאט קריסטענטום. דיעזע רע־ליגיאָן האט געזאָלט זיין א ריין דעאיס־טישע, ד. ה. זי האט געזאָלט אנערקענען, אז גאט עקזיסטירט, נאר ער האט זיך קיינמאל ניט ענטפלעקט צו די מענשען.

theophilan'thropy *n.* (טהיע־אָ־פי־לענ'־טהרא־פי) ז. *theophilanthropism*

the'ophile *n.* (טהיע'־אָ־פיל) א טעאָפיל, איינער וואס האט ליעב גאט.

theophilosoph'ic *a.* (טהיע־אָ־פיל־אָ־סאָפ'־איק) טעאָפילאָזאָפיש; וואס איז שייך צו דער פעראייניגונג פון טעאיזם [דער גלויבען אין גאט] און פילאָזאָפיע.

theopneus'tic *a.* (טהיע־אָפּ־ניוס'־טיק) געגעבען ברוח הקודש.

the'opneusty *n.* (טהיע'־אָפּ־ניוס־טי) די געטליכע השפעה; דער רוח הקודש.

theor'bo *n.* (טהי־אָהר'־באָו) דער טעאָר־באַ [אזא אלטפרענקישער מוזיקאלישער אינסטרומענט, ענליך צו א גיטארע מיט צוויי רייהען סטרונעס].

the'orem *n.* (טהיע'־אָ־רעם) א טעאָרעם, א טעאָרעטישער כלל, וועמעס ריכטיגקייט איז ניט אויגענשיינליך, נאר זי דארף דערוויזען ווערען; אין געאָמעטריע — א בעהויפּטונג וואס דריקט אויס א כלל, וועלכער דארף בעוויזען ווערען.

theoremat'ic *a.* (טהיע־אָ־רע־מעט'־איק) וואס איז שייך צו א טעאָרעם. ז. *theorem*

theoremat'ical *a.* (טהיע־אָ־רע־מעט'־אי־קעל) ז. *theorematic*

theorem'ic *a.* (טהיע־אָ־רעמ'־איק) ז. *theorematic*

theoret'ic *a.* (טהיע־א־רעט'־איק) ז. ***theoretical***.

theoret'ical *a.* (טהיע־א־רעט'־אי־קעל) טעארעטיש; וואס איז שייך צו א טעאריע; וואס האט דעם כאראקטער פון א טעאריע [ז. ***theory***]; ריין וויסענשאפטליך [אהן א שייכות צו פראקטיק]; ספעקולאטיוו, וואס איז א רעזולטאט פון אבסטראקטען דענקען; היפאטעטיש, וואס איז געבויט אויף א השערה.

theoret'ically *adv.* (טהיע־א־רעט'־אי־קעל־אי) אויף א טעארעטישען שטייגער; פון א טעארעטישען שטאנדפונקט. ז. ***theoretical***.

theoreti'cian *n.* (טהיע־א־רע־טיש'־ען) א טעארעטיקער; א קענער פון די טעאריען פון א געוויסער וויסענשאפט אדער קונסט.

theoret'ics *n.* (טהיע־א־רעט'־איקס) דער טעארעטישער טייל פון א וויסענשאפט.

theor'ic *a.* (טהי־אר'־איק) וואס איז שייך צו עפענטליכע פארשטעלונגען אדער פאראדען.

theor'ic fund (טהי־אר'־איק פאנד) ז. ***theoricon***.

theor'icon *n.* (טהי־אר'־אי־קאן) אין אלט־גריכענלאנד [אין אטהען] — טעאריקאן, א טייל פון קהל'שען געלד וואס פלעגט צוטיילט ווערען צווישען די ארימע בירגער פאר זיץ־פלעצער אין טעאטער און אין אנדערע שוי־פלעצער.

theorisa'tion *n.* (טהיע־א־רי־זיי'־שאן) ז. ***theorization***.

the'orise *v.* (טהיע'־א־ראיז) ז. ***theorize***.

the'orist *n.* (טהיע'־א־ריסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט טעאריען אדער אבסטראקטען דענקען.

theoriza'tion *n.* (טהיע־א־רי־זיי'־שאן) דאס טעארעטיזירען, דאס מאכען טעאריען; דאס אבגעבען זיך מיט אבסטראקטען דענקען.

the'orize *v.* (טהיע'־א־ראיז) טעארעטיזירען; בילדען א טעאריע אדער טעאריען; זיך אבגעבען מיט אבסטראקטען דענקען.

the'orizer *n.* (טהיע'־א־ראי־זער) ז. ***theorist***.

the'orizing *n. and a.* (טהיע'־א־ראי־זינג) דאס טעארעטיזירען, דאס בילדען טעאריען; דאס אבגעבען זיך מיט אבסטראקטען דענקען; ספעקולאטיוו; וואס איז געבויט אויף אבסטראקטען דענקען.

the'ory *n.* (טהיע'־א־רי) א טעאריע, אן אלגעמיינער וויסענשאפטליך בעגרינדעטער פרינציפ אדער כלל, דורך וועלכען עס ווערט ערקלערט א גאנצע רייהע פון ערשיינונגען; דער סכום פון די פונדאמענטאלע פרינציפען אדער כללים, אויף וועלכע עס איז געבויט א געוויסע וויסענשאפט אדער קונסט; ריינע וויסענשאפט, אבסטראקטעם דענקען [אין געגענזאץ צו פראקטיק]; א השערה, א סברא.

the'osoph *n.* (טהיע'־א־סאף) ז. ***theosophist***.

theos'opher *n.* (טהי־אס'־א־פער) ז. ***theosophist***.

theosoph'ic *a.* (טהיע־א־סאפ'־איק) ז. ***theosophical***.

theosoph'ical *a.* (טהיע־א־סאפ'־אי־קעל) טעאסאפיש; וואס איז שייך צו טעאסאפיע. ז. ***theosophy***.

theosoph'ically *adv.* (טהיע־א־סאפ'־אי־קעל־אי) אויף א טעאסאפישען שטייגער; פון א טעאסאפישען שטאנדפונקט. ז. ***theosophy***.

theos'ophism *n.* (טהי־אס'־א־פיזם) טעאסאפיזם, טעאסאפישער גלויבען. ז. ***theosophy***.

theos'ophist *n.* (טהי־אס'־א־פיסט) א טעאסאפיסט, אן אנהענגער פון טעאסאפיע. ז. ***theosophy***.

theos'ophy *n.* (טהי־אס'־א־פי) טעאסאפיע, א מיסטישע לעהרע, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם גלויבען, אז די דירעקטע און אמת'ע קענטניס פון גאט און געטליכקייט ווערט דערגרייכט ניט דורך אפענבארונג אדער ענטפלעקונג, נאר דורך אן אינערליכער געטליכער השפעה; די לעהרען און פרינציפען פון דער "טעאסאפישער געזעלשאפט" [א סעקטע, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין ניו יארק אין יאהר 1875 און האט אנגענומען די הויפט־אידעען און לעהרען פון דער בודיסטישער און בראהמאניסטישער רעליגיאן].

Theot'ocos *n.* (טהי־אט'־א־קאס) גאט'ס מוטער; די הייליגע מאריע.

therapeu'sis *n.* (טהער־ע־פיו'־סיס) ז. ***therapeutics***.

Therapeu'tæ *n.* (טהער־ע־פיו'־טי) די טעראפעוטען [א מיסטישע און אסקעטישע סעקטע ביי די פארצייטיגע אידען ארום אלעקסאנדריע פון מצרים].

therapeu'tic *a.* (טהער־ע־פיו'־טיק) היילענד, וואס היילט; וואס איז שייך צו טעראפיע [די קונסט פון היילען קראנקהייטען].

Therapeu'tic *n.* (טהער־ע־פיו'־טיק) איינער פון די טעראפעווטען. ז. ***Therapeutæ***.

therapeu'tical *a.* (טהער־ע־פיו'־טי־קעל) ז. ***therapeutic***.

therapeu'tics *n.* (טהער־ע־פיו'־טיקס) טעראפיע, די הייל־לעהרע [די לעהרע וועגען היילען קראנקהייטען].

ther'apy *n.* (טהער'־ע־פי) ז. ***therapeutics***.

there *adv. and int.* (טהעהר) 1. דארט, דארטען; 2. אהין; 3. אויף דעם, אויף דיזען פונקט, אין דעם צושטאנד; 4. אט, אט דא; 5. אט דאס! אט אזוי! 6. עס [ווי: עס איז, עס זיינען, עס גיבט, עס גיבען א. ז. וו.]; 7. נא! נו! אט!
1. You will find him there. 2. I will go there to-morrow. 3. You have done enough, you may stop there. 4. There is my hand. 5. There's a good boy! 6. There is no peace for the wicked. 7. There! What did I tell you!

there'about *adv.* (טהעהר'־ע־באוט) ערגעץ דארטען; אונגעפעהר, אז ערך.

there'abouts *adv.* (טהעהר'־ע־באוטס) ז. ***thereabout***.

thereaf'ter *adv.* (טהעהר־עפ'־טער) דערנאך; לויט דעם; ווערליג.

there'against' *adv.* (טהעהר'־ע־גענסט') געגען דעם; אין געגענזאץ צו עפעס.

there'among' *adv.* (טהעהר'־ע־מאנג') צווישען זיי.

thereat' *adv.* (טהעהר־עט') דארט; דאהין; דאריז, דערביי; דאריבער; דארויף.

there'away *adv.* (טהעהר'־ע־הוויי) פון דאנען אהין; פון דיזער ריכטונג; אט דא; דא ארום.

there'before' *adv.* (טהעהר'־בי־פאור') פריהער פון דעם; איידער.

thereby' *adv.* (טהעהר־באי') דאדורך; דורך דעם; אין דיזער שייכות אדער פערבינדונג; ארום דעם; לערך; אונגעפעהר.

therefor' *adv.* (טהעהר־פאהר') דערויף; צוליעב דעם, פאר דעם.

therefore' *adv.* (טהעהר־פאור') דעריבער דארום; אלזא, בכן.

therefrom' *adv.* (טהעהר־פראם') דערפון; דארויס.

therein' *adv.* (טהעהר־אין') דערין; אין דיזער צייט; אין דיזען ארט; אין דיזער שייכות.

therein'af'ter *adv.* (טהעהר־אינ'־עפ'־טער) אונטען אדער שפעטער אין דערזעלביגער שריפט אדער דאקומענט.

therein'before' *adv.* (טהעהר־אינ'־בי־פאור') אויבען אדער פריהער אין דערזעלביגער שריפט אדער דאקומענט.

therein'to *adv.* (טהעהר־אינ'־טו) אהין־צו.

thereof' *adv.* (טהעהר־אוו') דערפון.

thereol'ogy *n.* (טהער־אי־אל'־א־דזשי) ז. ***therapeutics***.

thereon' *adv.* (טהעהר־אן') אויף דעם; דערויף.

thereout' *adv.* (טהעהר־אוט') פון דעם; דערפון.

therethrough' *adv.* (טהעהר־טהרו') דורך דעם; מיט דער הילף פון דעם.

thereto' *adv.* (טהעהר־טו') צו דעם; דערצו.

thereun'der *adv.* (טהעהר־אנ'־דער) אונטער דעם; דערונטער.

thereun'to *adv.* (טהעהר־אנ'־טו) ז. ***thereto***.

thereupon' *a.* (טהעהר־א־פאן') אויף דעם; דערויף; אין פאלגע פון דעם; זאגלייך, באלד נאך דעם.

therewith' *adv.* (טהעהר־הוויטה') מיט דעם; דערמיט; אויסער דעם, איבער דעם, צוגלייך.

therewithal' *adv.* (טהעהר־הוויטה־אהל') חוץ דעם; צוזאמענדיג נאך; אויך.

the'riac *n. and a.* (טהיע'־רי־עק) דאס געגענ־גיפט [א געמיש פון פערשיעדענע רפואות וואס דיענט אלס א הייל־מיטעל געגען א גיפטיגען ביס פון א חיה]; וואס דיענט אלס רפואה; מעדיציניש.

theri'aca *n.* (טהי־ראי'־ע־קא) דאס געגענ־גיפט. ז. ***theriac***.

theri'acal *a.* (טהי־ראי'־ע־קעל) וואס געהערט צו געגענ־גיפט, געגענ־גיפטיג; וואס דיענט אלס רפואה אדער געגענ־גיפט; היילענד; מעדיציניש.

the'rial *a.* (טהיע'־רי־על) ז. ***theriacal***.

the'riomancy *n.* (טהיע'־רי־א־מענ־סי) דאס נביאות־זאגען לויט די סמנים, וואס עס צייגען ארויס חיות.

theriot'omy *n.* (טהיע־רי־אט'־א־מי) די אנאטאמיע פון חיות.

therm *n.* (טהורם) אין פיזיק — א ווערמע־איינהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער מאס ווארימקייט וואס איז נויטיג צו דערהיצען א גראם וואסער פון 0 גראד אויף 1 גראד צעלזיוס.

ther'mæ *n.* (טהור'־מיע) הייסע וואסער־קוועלען, הייסע בעדער; א פאלקס־באד ביי די אלטע רוימער און גריכען.

ther'mal *a.* (טהור'־מעל) ווארעם; וואס קומט פון ווארימקייט; וואס איז שייך צו הייסע וואסער־קוועלען אדער הייסע בעדער.

ther'mal equa'tor (טהור'־מעל אי־קוויי'־טאר) דער ווארמע־עקוואטאר [די ליניע פון דעם ערד־קוגעל וואו די היץ איז אם גרעסטען].

ther′mally *adv.* (טהויר׳-מעל-אי) אין בעצוג צו היץ אדער ווארימקייט.

ther′mal u′nit (טהויר׳-מעל יו׳-ניט) א ווערמע-אייגהייט [אן אייגהייט צו מעסטען ווארימקייט. זי ווערט אויסגעדריקט דורך דער מאס ווארימקייט, וואס איז נויטיג צו דערהיצען א קילאגראם אדער א גראם וואסער פון 0 גראד ביז 1 גראד].

thermatol′ogy *n.* (טהויר-מע-טאל׳-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער בעהאנדלונג פון קראנקהייטען דורך ווארימקייט, ווי דורך הייסע מינעראל-בעדער א. ד. ג.

ther′mic *a.* (טהויר׳-מיק) וואס ווארים; וואס קומט פון ווארימקייט.

Thermidor′ *n.* (טער-מי-דאהר׳) טערמידאר [דער 11טער חדש פון פראנצויזישען רעפובליקאנישען קאלענדאר אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. ער האט זיך גערעכענט פון 19טען יולי ביז דעם 27טען אויגוסט].

Thermido′rian *n. and a.* (טהויר-מי-דאו׳-רי-ען) א טערמידאריסט [א מיטגליעד פון דער געמעסיגטער פארטיי אין פראנקרייך, אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן, וועלכע האט געשטירצט ראבעספיערען אין דעם חדש טערמידאר]; טערמידאריסטיש, וואס איז שייך צו די טערמידאריסטען.

thermochem′ical *a.* (טהויר-מא-קעמ׳-אי-קעל) טערמא-כעמיש, וואס איז שייך צו די כעמישע ערשיינונגען וועלכע זיינען פערבונדען מיט פערשלינגען אדער ענטוויקלען היץ.

thermochem′istry *n.* (טהויר-מא-קעמ׳-איס-טרי) טערמא-כעמיע [דער טייל פון כעמיע וואס פערנעהמט זיך מיט די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען כעמישע ווירקונגען און ווארימקייט].

thermodynam′ic *a.* (טהויר-מא-דאי-נעמ׳-איק) טערמא-דינאמיש, וואס ווערט פעראורזאכט אדער ווערט געטריבען דורך דער קראפט וואס בעקומט זיך פון ווארימקייט; וואס איז שייך צו טערמא-דינאמיק [ז. *thermodynamics*].

thermodynam′ical *a.* (טהויר-מא-דאי-נעמ׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו טערמא-דינאמיק. ז. *thermodynamics*.

thermodynam′ically *adv.* (טהויר-מא-דאי-נעמ׳-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו טערמא-דינאמיק. ז. *thermodynamics*.

thermodynam′ics *n.* (טהויר-מא-דאי-נעמ׳-איקס) טערמא-דינאמיק [די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט די בעציהונגען צווישען ווארימקייט און מעכאנישער ארבייט].

ther′mo-elec′tric *a.* (טהויר-מאו-אי-לעק׳-טריק) טערמא-עלעקטריש, וואס איז שייך צו טערמא-עלעקטריציטעט. ז. *thermo-electricity*.

ther′mo-elec′trically *adv.* (טהויר׳-מאו-אי-לעק׳-טרי-קעל-אי) אין בעצוג אדער אין איינקלאנג מיט די געזעצען פון טערמא-עלעקטריציטעט. ז. *thermo-electricity*.

ther′mo-electric′ity *n.* (טהויר׳-מאו-אי-לעק-טריס׳-אי-טי) טערמא-עלעקטריציטעט אדער ווערמע-עלעקטריציטעט [עלעקטריציטעט וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך ווארימקייט, ווי צ. ב. ווען די ענדען פון צוויי פערשידענע מעטאל-שטרייפען ווערען צונויפגעלייטעט, וועהרענד די צוויי פרייע ענדען ווערען פערבונדען מיט א דראט, דאן, ווען מען דערהיצט די צונויפגעלייטעטע שטעלע פליסט אן עלעקטרישער שטראם דורך דעם געשלאסענעם קרייז פון די מעטאל-שטרייפען און פון דעם דראט].

ther′mo-electrom′eter *n.* (טהויר׳-מאו-אי-לעק-טראמ׳-ע-טער) א טערמא-עלעקטראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ פון אן עלעקטרישען שטראם אדער צו בעשטימען זיין שטארקייט דורך דער היץ וואס ער גיט ארויס].

thermogenet′ic *a.* (טהויר-מא-דזשי-נעט׳-איק) ז. *thermogenic*.

thermogen′ic *a.* (טהויר-מא-דזשען׳-איק) וואס גיט ארויס ווארימקייט אדער היץ; וואס איז שייך צו דער פראדוקציאן פון ווארימקייט.

thermog′enous *a.* (טהויר-מאדזש׳-ע-נאס) וואס גיט ארויס ווארימקייט אדער היץ.

ther′mogram *n.* (טהויר׳-מא-גרעם) א טערמאגראם [א פערצייכנונג פון א טערמאגראף]. ז. *thermograph*.

ther′mograph *n.* (טהויר׳-מא-גרעף) א טערמאגראף [א טערמאמעטער וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דאס שטייגען און דאס פאלען פון דער טעמפעראטור].

thermog′raphy *n.* (טהויר-מאג׳-רע-פי) א מעטאדע פון שרייבען ניט מיט געוועהנליכער טינט, נאר מיט אן אנדער פליסיגקייט, וועלכע פאדערט די אנווענדונג פון היץ, אום די בוכשטאבען זאלען זיך בעוויזען אויף׳ן פאפיער.

thermokinemat′ics *n.* (טהויר-מא-קינ-אי-מעט׳-איקס) טערמא-קינעמאטיק [די לעהרע וועגען דער בעוועגונג פון ווארימקייט].

thermol′ogy *n.* (טהויר-מאל׳-א-דזשי) די לעהרע וועגען ווארימקייט אדער היץ.

thermomag′netism *n.* (טהויר-מאו-מעג׳-נעט-איזם) טערמא-מאגנעטיזם, מאגנעטיזם וואס ווערט ארויסגערופען פון היץ.

thermom′eter *n.* (טהויר-מאמ׳-ע-טער) א טערמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען טעמפעראטור].

thermomet′ric *a.* (טהויר-מא-מעט׳-ריק) טערמאמעטריש, וואס איז שייך צו א טערמאמעטער; וואס ווערט געמאכט מיט דער הילף פון א טערמאמעטער.

thermomet′rical *a.* (טהויר-מא-מעט׳-רי-קעל) ז. *thermometric*.

thermomet′rically *adv.* (טהויר-מא-מעט׳-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א טערמאמעטער.

thermomet′rograph *n.* (טהויר-מא-מעט׳-רא-גרעף) א טערמאמעטראגראף [א טערמאמעטער, וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די מאקסימאלע און מינימאלע טעמפעראטור].

thermom′etry *n.* (טהויר-מאמ׳-ע-טרי) די קונסט אדער די מעטאדע צו מעסטען טעמפעראטור.

thermomo′tive *a.* (טהויר-מא-מאו׳-טיוו) וואס איז שייך צו מאשינען, וועלכע ווערען בעטריבען פון דערהיצטע גאזען אדער פון דערהיצטער לופט.

thermomo′tor *n.* (טהויר-מא-מאו׳-טאר) א מאשין וואס ווערט בעטריבען פון דערהיצטער לופט.

ther′mophone *n.* (טהויר׳-מא-פאון) אן עלעקטרישער אינסטרומענט וועלכער גיט ארויס קלאנגען דורך די ענדערונגען פון דער טעמפעראטור אין דעם שטראם-קרייז.

thermoreg′ulator *n.* (טהויר-מא-רעג׳-יו-לעי-טאר) א פארריכטונג צו רעגולירען די טעמפעראטור פון א הייץ-אפאראט.

ther′mos bot′tle (טהויר׳-מאס באטל) א פלאש וואס איז אזוי געמאכט דאס די אויסערליכע טעמפעראטור זאל ניט האבען קיין שטארקען איינפלוס אויף איהר אינהאלט, ד. ה. אויב זי ענטהאלט עטוואס הייסעס זאל זיך עס ניט גיך אבקיהלען און אויב קאלטעס זאל עס ניט גיך ווארים ווערען [זי ווערט געמאכט מיט דאפעלטע ווענטלעך, וואס די לופט צווישען זיי ווערט אויסגעפומפט].

ther′moscope *n.* (טהויר׳-מא-סקאופ) א טערמאסקאפ [אן אינסטרומענט וואס ציינט אן די ענדערונגען אין טעמפעראטור, ניט מעסטענדיג זי].

thermoscop′ic *a.* (טהויר-מא-סקאפ׳-איק) וואס איז שייך צו א טערמאסקאפ; וואס איז געמאכט מיט דער הילף פון א טערמאסקאפ. ז. *thermoscope*.

thermoscop′ical *a.* (טהויר-מא-סקאפ׳-אי-קעל) ז. *thermoscopic*.

ther′mostat *n.* (טהויר׳-מא-סטעט) א טערמאסטאט, א ווערמע-רעגולאטאר [אן אויטאמאטישער אינסטרומענט צו רעגולירען די טעמפעראטור].

thermostat′ic *a.* (טהויר-מא-סטעט׳-איק) טערמאסטאטיש, וואס איז שייך צו א טערמאסטאט; וואס רעגולירט די טעמפעראטור.

thermostat′ically *adv.* (טהויר-מא-סטעט׳-אי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א טערמאסטאט. ז. *thermostat*.

thermostat′ics *n.* (טהויר-מא-סטעט׳-איקס) טערמאסטאטיק [די לעהרע וועגען דער גלייכגעוויכט פון היץ].

thermot′ic *a.* (טהויר-מאט׳-איק) וואס איז שייך צו ווארימקייט; וואס קומט פון היץ.

thermot′ical *a.* (טהויר-מאט׳-אי-קעל) ז. *thermotic*.

thermot′ics *n.* (טהויר-מאט׳-איקס) ווערמע-לעהרע, די לעהרע וועגען ווארימקייט.

thermot′ropism *n.* (טהויר-מאט׳-רא-פיזם) די ערשיינונג וואס פלאנצען ווערען אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט דורך דער ענדערונג פון דער טעמפעראטור.

therol′ogy *n.* (טהי-ראל׳-א-דזשי) ז. *mammalogy*.

thesau′rus *n.* (טהי-סאה׳-ראס) א שאץ, אן אוצר; א קאסע; א ווערטער-בוך, א לעקסיקאן.

these *a. and pr.* (טהיעז) דיעזע [אלס מעהרצאהל]. ז. *this*.

the′sis *n.* (טהיע׳-סיס) א טהעזיס, א טהעזע, א זאץ, א בעהויפטונג; א בעהויפטונג אדער א זאץ וואס דארף בעוויזען ווערען; א דיסערטאציע [א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער וועלכער עס איז טהעמא, וואס ווערט צונעשטעלט פון א קאנדידאט אויף א געלעהרטען-טיטול, ווי דאקטאר, מאגיסטער א. ד. ג.]; א טהעמא; אין מוזיק — דער בעטאנטער טייל פון א טאקט; די שטארקע בעטאנונג אדער שווערער אקצענט ווי ביים אבקלאפען דעם טאקט; אין דיכטונג — דער בעטאנטער טייל פון א פוס-מאס.

thes′mothete *n.* (טהעס׳-מא-טהיט) אן אלט-גריכישער געזעץ-געבער; איינער פון די 6 אונטערע ארכאנטען [שטאדט-בעאמטע] אמאל אין אטהען, גריכענלאנד.

Thes′pian *a. and n.* (טהעס׳-פי-ען) טהעספיש, וואס איז שייך צו טהעספיס [א האלב-לעגענדארער גריכישער פאעט, וועגען וועלכען עס ווערט געזאגט, אז ער איז דער שעפפער פון דער גריכישער דרא-

מא אדער טראגעדיע]; דראמאטיש, טראגיש; אן אקטיאר.

Thes'pian art (טהעס'-פי-ען ארט) די טהעספישע קונסט, די דראמא, די שויפיעל-קונסט.

Thessa'lian *a. and n.* (טהע-סיי'-ליען) טהעסאליש, וואס איז שייך צו טהעסאליען [א געגענד וואס געפינט זיך אין דרום פון מאצעדאניען]; א טהעסאליער, אן איינוואהנער אדער געבארענער פון טהעסאליען.

the'ta *n.* (טהיע'-טא) דער גריכישער בוכשטאב טהעטא [*th*].

The'tis *n.* (טהיע'-טיס) [אין טהעטיס דער קלאסישער מיטאלאגיע — די ים-געטין, וועלכע איז געווען די מוטער פון אכילעס]; אין אסטראנאמיע — דער 17טער פלאנעטאאיד [איינער פון די קליינע פלאנעטען וועלכע דרעהען זיך ארום דער זון צווישען יופיטער און מארס].

theur'gic *a.* (טהי-אויר'-דזשיק) וואונדער-שאפענד, וואס האט די קראפט אויפצוטהאן וואונדער.

theur'gical . (טהי-אויר'-דזשי-קעל) ז. *theurgic*

the'urgist *n.* (טהיע'-אויר-דזשיסט) א וואונדער-מאכער, א וואונדער-טהוער.

the'urgy *n.* (טהיע'-אויר-דזשי) א וואונדער-קראפט, אן איבערנאטירליכע קראפט; די ערשיינונג אדער די ווירקונג פון אן איבערנאטירליכער קראפט; דאס שאפען וואונדער; שווארצע קונסט, מאגיק.

thew *n.* (טהיו) א מוסקול.

thewed *a.* (טהיוד) וואס האט ענטוויקעלטע מוסקולען; קרעפטיג, וואס האט כח.

thew'less *a.* (טהיו'-לעס) שוואך, וואס האט ניט קיין כח.

thews *n.* (טהיוז) מוסקולען; כח, קערפער-קראפט.

thew'y *a.* (טהיו'-אי) מיט שטארק-ענטוויקעלטע מוסקולען; קרעפטיג.

they *pr.* (טהיי) זיי.

they're (טהייר) זיי זיינען [אלס א פערקירצונג פון די ווערטער *they are*].

thian'-shan' *n.* (טהיענ'-שען') אזא ווילדע שעפס אין צענטראל-אזיען, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט דער ריעזיגער גרויס פון איהרע הערנער.

thick *a., adv., n. and v.* (טהיק) דיק; געדיכט; טריב, מוטנע; נעבעלדיג; אונקלאר, אונדייטליך; פיעל; גרויס; גראב, דום, ניט אינטעליגענט; אינטים, וואס איז אין נאהנטער פריינדשאפט; דיקקייט; די רעכטע געדיכטע; א נאר, א גראבער קאפ; מאכען דיק אדער געדיכט; ווערען דיק אדער געדיכט.

thick'-and-thin' *a.* (טהיק'-ענד-טהין') 1. גרייט אויף אלעס; איבערגעגעבען ביז גאר; דורך און דורך; 2. וואס איין שייבע פון בלאק איז דיקער אלס די אנדערע [ווענען די אויפצונס-בלאקס פון א שיף. ז. *pulley*].

1. He is my thick-and-thin supporter.

thick and three'fold (טהיק ענד טהריע'-פאולד) שנעל איינע נאך די אנדערע, אין א גרויסער צאהל.

thick'-brained *a.* (טהיק'-בריינד) מיט א גראבען קאפ, דום, נאריש.

thick'-com'ing *n.* (טהיק'-קאמ'-אינג) וואס קומט געדיכט איינע נאך די אנדערע.

thick'en *v.* (טהיקן) מאכען דיק; מאכען געדיכט; פערשטארקען; פערדונקלען, פערוואלקענען; מאכען מוטנע; פערגרעסערען אדער פערמעהרען אין צאהל; דיק ווערען; געדיכט ווערען; שווערער ווערען; ווערען טריב, דונקעל אדער מוטנע; ווערען נעבעלדיג; ווערען פערפלאנטערט אדער קאמפליצירט; זיך פערמעהרען, זיך פערגרעסערען אין צאהל; ווערען אונקלאר אדער אונדייטליך.

thick'ener *n.* (טהיק'-נער) איינער אדער עפעס וואס מאכט דיק אדער געדיכט.

thick'ening *n.* (טהיק'-נינג) דאס מאכען אדער ווערען דיק אדער געדיכט; עטוואס וואס ווערט צוגעלעגט צו א פליסיגקייט אום זי געדיכטער צו מאכען; עטוואס וואס איז געווארען געדיכט.

thick'et *n.* (טהיק'-עט) א געדיכט וועלדעל.

thick'eted *a.* (טהיק'-עט-עד) בעדעקט אדער בעוואקסען מיט געדיכטע בוימלעך.

thick'-eyed *a.* (טהיק'-איד) שוואכזיכטיג, וואס האט א דונקעלע אדער שוואכע ראיה.

thick'head *n.* (טהיק'-העד) א גראבער קאפ, א נאר.

thick'-head'ed *a.* (טהיק'-העד'-עד) גראב-קעפיג, דום; וואס האט א דיקען אדער פערוואקסענעם שפיץ [ווענען א בוים].

thick'ish *a.* (טהיק'-איש) דיקליך, גרעבליך.

thick'-leaved *a.* (טהיק'-ליעווד) וואס האט דיקע בלעטער; געדיכט בעוואקסען מיט בלעטער.

thick'-legged *a.* (טהיק'-לעגד) דיק-פיסיג.

thick'-lipped *a.* (טהיק'-ליפט) וואס האט דיקע ליפען.

thick'lips *n.* (טהיק'-ליפס) א מענש מיט גראבע ליפען.

thick'ly *adv.* (טהיק'-לי) דיקליך; געדיכטליך; פיעל, אפט.

thick'ness *n.* (טהיק'-נעס) דיקקייט; גראבקייט; געדיכטקייט; טריבקייט, מוטנעקייט; נעבעלדיגקייט; א קנייטש, א פאלד.

thick'-set *a. and n.* (טהיק'-סעט) געדיכט געזעצט; געדיכט בעוואקסען; געדיכט; דיק, גראב; קורץ און גראב; א געדיכט וועלדעל; אזא דיקער סאמעט-עהנליכער מאנטשעסטער [אזא צייג פאר ארבייטס-קליידער].

thick'-sigh'ted *a.* (טהיק'-סאי'-טעד) שוואכזיכטיג; וואס האט א שוואכע אדער דונקעלע ראיה.

thick'skin *n. and a.* (טהיק'-סקין) א גראבע הויט, א גראב-הויטיגער, א מענש וואס פיהלט ניט קיין בעליידיגונג אדער שטעך-ווערטער; גראב-הויטיג, וואס האט א דיקע הויט אדער פעל; וואס איז ניט עמפפינדליך אדער פיהלט ניט א בעליידיגונג אדער פארוואורף.

thick'-skinned *a.* (טהיק'-סקינד) וואס האט א גראבע הויט אדער פעל; וואס פיהלט ניט קיין בעליידיגונג אדער פארוואורף.

thick'skull *n.* (טהיק'-סקאל) ז. *thickhead*

thick'-skulled *a.* (טהיק'-סקאלד) גראב-קעפיג, וואס האט א גראבען קאפ צום לערנען; דום, נאריש.

thick'-wit'ted *a.* (טהיק'-הוויט'-עד) דום, נאריש, גראבקעפיג.

thief *n.* (טהיעף) א גנב, א גנב'טע; א שווינדלער, א בעטריגער; אן ארויסשטארצונג פון א קנייטעל פון א ליכט וואס מאכט אז דאס ליכט זאל זיך שמעלצען; א בלעכען טרינק-קענדעל מיט א שנירעל וואס מאטראזען בענוצען.

thief'-catch'er *n.* (טהיעפ'-קעטש'-ער) א גנבים-כאפער.

thief'-ta'ker *n.* (טהיעפ'-טיי'-קער) ז. *thief-catcher*

thieve *v.* (טהיעוו) גנב'ענען.

thiev'ery *n.* (טהיעוו'-ער-אי) גנבה; א גע'גנב'עטע זאך.

thieves *n.* (טהיעווז) גנבים.

thieves' Lat'in (טהיעווז לעט'-אין) גנבים-שפראך.

thie'vish *a.* (טהיע'-וויש) גנב'יש; וואס האט א נייגונג צום גנב'ענען; געטהאן בגנבה אדער אין געהיים.

thie'vishly *adv.* (טהיע'-וויש-לי) בגנבה, מעשה גנב; דורך גנבה.

thie'vishness *n.* (טהיע'-וויש-נעס) גנב'ישדינקייט; די נייגונג צום גנב'ענען.

thig *v.* (טהיג) בעטלען, בעטלען א נדבה; לעבען פון נדבות.

thigh *n.* (טהאי) די פאלקע [דער טייל פון פוס פון היפט ביז דער קניע]; דער דריטער געלענק פון א פוס פון אן אינזעקט.

thigh'-bone *n.* (טהאי'-באון) דער פאל-קע-ביין.

thill *n.* (טהיל) אן אלאבליע [פון א וואגען]; א דייקסעל, א דישעל.

thill'er *n.* (טהיל'-ער) ז. *thill-horse*

thill'-horse *n.* (טהיל'-האהרס) א פערד וואס ווערט געשפאנט אין אלאבליעס.

thim'ble *n.* (טהימבל) א פינגערהוט; א רינג אדער קורצע מעטאלענע רעהר צו פעראייניגען די ענדען פון צוויי שאפטען, פון רעהרען א. ז. וו.; א מעטאלענער רינג מיט א פערטיעפונג אין דער אויסען-זייט, אז עס זאל זיך אין איהם אריינפאסען א שטריק [ווערט געברויכט אויף שיפען].

thim'bleberry *n.* (טהימ'בל-בער-אי) די שווארצע מאלינע [אזא יאגדע].

thim'ble-case *n.* (טהימ'בל-קיים) א פינגערהוט-טעשעל, א פינגערהוט-שאכטעל.

thim'bleful *n.* (טהימ'בל-פול) אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין א פינגערהוט; זעהר ווענין, א ביסעל.

thim'ble-joint *n.* (טהימ'בל-דזשאינט) א רעהר אדער רינג צום צוזאמענהאלטען די פערבינדונגען פון רעהרען.

thim'bleman *n.* (טהימ'בל-מען) ז. *thimblerigger*

thim'ble-pie *n.* (טהימ'בל-פאי) א שנעל מיט א פינגערהוט [אלס שטראף פאר שול-מיידלעך].

thim'blerig *n. and v.* (טהימ'בל-ריג) דאס בעכער-שפיעל [אזא שווינדעל-שפיעל מיט דריי טאסען און אן ארבעס אדער קייקעלע, ביי וועלכען מען דארף טרעפען אונטער וועלכער טאס דער ארבעס אדער דאס קייקעלע געפינט זיך]; בעשווינדלען; בעשווינדלען אין דעם בעכער-שפיעל; בעשווינדלען דורך קונץ-שטיק אדער פאקוסען.

thim'blerigger *n.* (טהימ'בל-ריג-ער) א פאקוסניק, א שווינדלערישער קונצען-מאכער, א בעכער-שפיעלער, א שווינדלער. ז. *thimblerig*

thim'blerigging *n.* (טהימ'בל-ריג-אינג) בעכער-שפיעלעריי, פאקוסען, שווינדלערישע קונצען-מאכעריי, שווינדעל. ז. *thimblerig*

thim'bleweed *n.* (טהימ'בל-הוויעד) די אמעריקאנישע אנעמאנע אדער רודעקיע [אזא פלאנצע מיט ווייסליכע בליטהען און מיט פרוכטען וואס זיינען עהנליך צו פינגערהוטען].

thin *a., adv. and v.* (טהין) 1. דין; 2. שיטער; 3. שוואך, וואסערדיג [ווענען

נעטרענקען]; 4. שוואך: 5. דורכזיכטיג; 6. לייכט: 7. מאגער: 8. ווענינ, קנאפ; גיט צאהלרייך; 9. מאכען דין, שיטער, לייכט, וואסערדיג, שוואך אדער מאגער; 10. פערמינדערען, מאכען קנאפער אדער וועניגער.

3. I use only **thin** drinks. 4. He spoke in a low **thin** voice. 5. It was a severe reproach under a **thin** disguise. 6. She wore a **thin** summer dress. 8. We are kept on a **thin** diet. 10. The war **thinned** the population.

thine *pr.* (טהאין) דיינס, דיין, דיינע; דער דייניגער, די דייניגע, דאס דייניגע.

thing *n.* (טהינג) 1. א זאך; 2. א בעשעפעניש; 3. א פערפאסונג [ליטעראַרישע אדער מוזיקאלישע]; 4. א טייל, אן איינצעלהייט, א קליינינקייט; 5. א פערזאמלונג, א פארלאמענט [אין די סקאנדינאווישע לענדער].

2. Poor **thing**! 4. He did not dare to disobey in the least **thing**.

thing (*the*) *n.* (טהינג) די ריכטיגע אדער נויטיגע זאך.

thing'amy *n.* (טהינג'-ע-מי) ז. ***thingumbob***

thing'iness *n.* (טהינג'-אי-נעס) זאכליכ־קייט, רעאליטעט, דאס זיין מאטעריעל; דאס זיין מאטעריאליסטיש; פראקטישקייט.

thing'-in-itself' *n.* (טהינג'-אין-איט-סעלף') די זאך אז און פאר זיך.

thing of naught (טהינג אוו נאהט) א גארנישט, א גאלע נארנישט.

Man is like a **thing of naught**, his time passeth away like a shadow.

thing of noth'ing (טהינג אוו נאטה'-אינג) ז. ***thing of naught***

things *n.* (טהיננז) 1. זאכען; בעשעפעניש; 2 קליידער; אויסשטאטונגס־זאכען [ווי מעבעל, למשל]; איינגעפאקטע־זאכען; 3. אומשטענדען.

2. She took her **things** and left the house. 3. In the course of time all **things** will be straightened out.

things in ac'tion (טהיננז אין עק'-שאן) געזעצליכע רעכטע אויף זאכען, וועלכע מען בעזיצט נאך נים.

thing'umajig *n.* (טהינג'-אַם-ע-דזשיג) ז. ***thingumbob***

thing'umbob *n.* (טהינג'-אַם-באב) א "ווי רופט מען איהם" אדער "ווי רופט מען דאס" [אן אונבעשטימטע פערזאן אדער זאך, וועלכע מען קען נים אנרופען מיט א נאמען אדער וועלכע מען רעכענט נים פאר נוטיג אנצורופען].

thing'ummy *n.* (טהינג'-אַם-אי) ז. ***thingumbob***

thin'-gut'ted *a.* (טהין'-גאט'-עד) מיט א פלאכען אדער מאגערען בויך.

thing'y *a.* (טהינג'-אי) מאטעריעל, זאכ־ליך, רעאל; מאטעריאליסטיש, פראקטיש.

think *v. and n.* (טהינק) 1. דענקען; 2. נאכדענקען, ארויפברייננען אויף'ן גע־דאנק, זיך דערמאנען אז...; 3. בעגרייפען, אורטיילען, בענעהמען; 4. זיך פארשטע־לען; 5 נעהמען אין אנבעטראכט, דענ־קען וועגען...; 6. האבען אין זינען, בע־אבזיכטיגען, רעכענען, מיינען; 7. רעכענען פאר..., בעטראכטען אלס...; 8. אויסדענ־קען, אויסטראכטען, ארויסברייננען אדער פעראורזאכען דורך דענקען; 9. האבען א מיינונג; 10. האלט האבען, האלטען פון..., פיהלען א נייגונג; 11. דענקונג; א גע־דאנק.

2. When temptations allure you, **think** of the inevitable punishment. 4. In the Zoological Garden you will find all the animals you can **think** of. 8. He sleeps and **thinks** no evil. 9. I **think** highly of his abilities.

thin'kable *a.* (טהינ'-קעבל) וואס מען קען דענקען, וואס לאזט זיך דענקען, וואס לאזט זיך בעגרייפען אדער בענעהמען, וואס מען קען זיך פארשטעלען אין געדאנק.

thin'ker *n.* (טהינ'-קער) א דענקער.

think good (טהינק גוד) בעטראכטען אלס גוט, האלטען פאר נויטיג, פאסיג אדער גוט; איינוויליגען, איינשטימען.

thin'king *n.* (טהינ'-קינג) דאס דענקונג, דענקען; דער פערשטאנד; דענקונגס־פע־היגקייט; א געדאנק, א מיינונג, אן אור־טייל.

thin'kingly *adv.* (טהינ'-קינג-לי) דענ־קענדיג, נאכדענקענדיג; בעוואוסטזיניג; מיט איבערלעגונג.

think lit'tle of (טהינק ליטל אוו) גרינגשעצען, זיך וועניג קימערען, שענקען וועניג אויפמערקזאמקייט, רעכענען פאר א קליינינקייט.

think noth'ing of (טהינק נאטה'-אינג אוו) זיך גאר ניט קימערען, רעכענען פאר גארניט.

He **thinks nothing of** walking ten miles a day.

think out (טהינק אוט) 1. אויסדענקען, בעקומען א קלארען בעגריף; 2. פלאנע־ווען, מאכען א פלאן; אויסארבייטען [אין געדאנק]; 3. לעזען [א פראבלעם].

1. Let us **think out** the problem. 2. It was left to the secretary to **think out** the details of the plan. 3. I shall attempt to **think out** this chess problem.

think small beer of (טהינק סמאהל ביער אוו) האבען נים קיין הויכע מיי־נונג, גרינגשעצען.

thin'ly *adv.* (טהינ'-לי) שיטער; דין; שוואך; קנאפ; דורכזיכטיג, לייכט; מא־גער; וועניג, קנאפ, אין א קלייגער מאס אדער צאהל.

thin'ner *n.* (טהינ'-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט דין, שיטער, קנאפער אדער מאגערער.

thin'ness *n.* (טהינ'-נעס) דינקייט; מא־גערקייט; שיטערקייט; וועניגקייט, קנאפ־קייט; לייכטקייט; שוואכקייט; דורכזיכ־טיגקייט.

thin'nish *a.* (טהינ'-איש) אביסעל דין, דינליך; שיטערליך; קנאפליך; שוואכ־ליך; מאגערליך.

thin'-skinned *a.* (טהינ'-סקינד) 1. וואס האט א דינע הויט; 2. שטארק עמפפינד־ליך, וואס בעליידיגט זיך לייכט, אויפרעג־באר; 3. וואס האט בלויז א דינעם שיכט פון גוטען באדען [וועגען לאנד].

1. **Thin-skinned** persons should not expose their bodies to the sun. 2. **Thin-skinned** people should not enter public life.

thin'-skinned'ness *n.* (טהינ'-סקינד'-נעס) דין־הויטיגקייט; שטארקע עמפפינד־ליכקייט; שטארקע אויפרעגבארקייט.

third *a. and n.* (טהוירד) וואס קומט צום דריטען; דריטער, דריטע, דריטעס; וואס איז א דריטעל אדער א דריט־חלק; א דריטעל, א דריט־חלק; א טערציע [א זעכציגסטעל פון א סעקונדע]; אין מו־זיק — די טערציע אדער טערץ [דער דרי־טער טאן אין א גאמא]; דער טאן "מי"; דער אינטערוואל צווישען ערשטען און דריטען טאן; די הארמאנישע צוזאמענ־גיסונג פון ערשטען און דריטען טאן פון א גאמא; אין בייסבאל־שפיעל — דער שפיעלער וואס פערנעהמט דעם דריטען ווינקעל פון שפיעל־פלאץ.

third base (טהוירד בייס) אין בייסבאל־שפיעל — דער דריטער פון די פיער ווינק־לען פון שפיעל־פלאץ.

third'-bor'ough *n.* (טהוירד'-באר'-או) א קאנסטאבעל, א פאליציסט. ז. ***constable***

third'-class *a.* (טהוירד'-קלעס) פון דריטען קלאס [הויפטזעכליך וועגען איי־זענבאהן־וואגאנען].

third'-class mat'ter (טהוירד'-קלעס מעט'-ער) אין דער פאסט־קלאסיפיקאציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע־ריקא — געדרוקטע זאכען אויסער צייטונ־גען און אנדערע פעריאדישע אויסגאבען.

third cous'in (טהוירד קאזן) א שוועס־טער־קינד אין דריטען דור.

Third'-day *n.* (טהוירד'-דיי) דיענסטאג.

third estate' (טהוירד עס-טייט') דער דריטער [געזעלשאפטליך־פאליטישער] שטאנד, דאס פשוט'ע פאלק [אין געגענ־זאץ צו די גייסטליכע און אדעליגע], דער מיטעל־קלאס.

third hour (טהוירד אור) די דריטע פון די צוועלף שטונדען צווישען זון־אויפ־גאנג און זון־אונטערגאנג; ביי די קאטוי־ליקען — דאס גאטעסדיענסט אום 9 א זיי־גער אין דער פריה; ביי די פארצייטיגע אידען — דער פריה־מארגענדיגער קרבן תמיד [מנחת הבקר].

third house (טהוירד האוס) דאס דריטע הויז [אויסער דעם אויבערשטען און אונ־טערשטען הויז פון א פארלאמענט], די מענשען וואס דרעהען זיך אין די קולוא־רען אדער פאר־הויז פון א פארלאמענט, אום צו בעאיינפלוסען די געזעצגעבער. ז. ***lobby***

thir'ding *n.* (טהויר'-דינג) א דריטעל, א דריט־חלק; א דריטעל פון די פראדוק־טען פון אן ארענדאטאר'ס פעלד, וועלכע א פריץ פלעגט אמאל בעקומען אין פאל פון דעם ארענדאטאר'ס טויט.

thir'dings *n.* (טהויר'-דינגז) א דריטעל פון די פראדוקטען פון דעם ארענדאטאר'ס פעלד, וועלכע א פריץ פלעגט אמאל בע־קומען אין פאל פון דעם ארענדאטאר'ס טויט.

third'ly *adv.* (טהוירד'-לי) צום דריטען; דריטענס.

third per'son (טהוירד פויר'-סאן) אין גראמאטיק — די דריטע פערזאן [פון פירווערטער אדער צייטווערטער, ווי: ער, זי, זיי אדער נעהט, שטעהן א. ז. וו.].

third pow'er (טהוירד פאו'-ער) אין מאטעמאטיק — די דריטע פאטענץ, קוב [ווי a^3, 2^3 א. ז. וו.]. ז. ***power***

third'-rate *a.* (טהוירד'-רייט) פון דרי־טען גראד; פון א זעהר נידריגען גראד.

thirds *n.* (טהוירדז) דער דריט־חלק פון דעם מאן'ס בעווענליכען איינענטום, וואס אן אלמנה קריענט, ווען דער מאן לאזט זי איבער מיט א קינד און שטארבט אהן א צואה; דער געזעצליכער דריט־חלק פון דעם מאן'ס אונבעוועגליכען איינענטום, וואס בעלאנגט לעבענסלענגליך צו דער אלמנה.

thirds'man *n.* (טהוירדז'-מען) א פשרה־מאכער, א שיעדעס־ריכטער, א בורר.

thirst *n. and v.* (טהוירסט) דארשט; דארשטען, זיין דארשטיג; דארשטען נאך...

thirs'ter *n.* (טהוירס'-טער) א דארשטענ־דער.

thirs'tily *adv.* (טהוירס'-טי-לי) מיט דארשטיגקייט.

thirs'tiness *n.* (טהוירס'-טי-נעס) דארשטיגקייט.

thirst'less *a.* (טהוירסט'-לעס) וואס דארשטעט ניט.

thirs'ty *a.* (טהורס'-טי) דארשטיג; דארשטענד; אויסגעטריקענט.

thir'teen' *a. and n.* (טהויר'-טיען) דרייצעהן; די צאהל דרייצעהן; א דריי־צעהנער [אזא פארצייטיגע אירלענדישע מטבע פון 13 פענס]; וואס בעשטעהט פון דרייצעהן.

thir'teen'er *n.* (טהויר'-טיען'-ער) א דרייצעהנער [א פארצייטיגע אירלענדישע מטבע פון 13 פענס]; א דרייצעהנטער; די לעצטע, דרייצעהנטע קארט אין דער האנד [אין וויסט־שפיעל].

thir'teenth' *a. and n.* (טהויר'-טיענטה) דרייצעהנטער, דרייצעהנטע, דרייצעהנטעס; וואס איז א דרייצעהנטעל; א דרייצעהנטעל; אין מוזיק — די דריי־צעהנטע נאטע פון א גאמא; א דרייצעהנ־טעל פון ארענדע־געלד אדער פון בעוועג־ליכען אייגענטום [אלס שטייער פארציי־טענס אין ענגלאנד].

thir'tieth *a. and n.* (טהויר'-טי-עטה) דרייסיגסטער, דרייסיגסטע, דרייסיגסטעס; וואס איז א דרייסיגסטעל; א דרייסיגסטעל; א דרייסיגסטעל פון בעוועגליכען פערמע־גען אדער פון ארענדע־געלד [אלס שטייער פארצייטענס אין ענגלאנד].

thir'ty *a. and n.* (טהויר'-טי) דרייסיג; די צאהל דרייסיג.

thir'tyfold *a.* (טהויר'-טי-פאולד) דריי־סיגפאך, וואס איז דרייסיג מאל אזוי פיעל.

Thir'ty-nine Ar'ticles (טהויר'-טי-נאין אר'-טיקלז) די ניין און דרייסיג "אני מאמין'ס" פון דער אנגליקאנישער קירך [אנגענומען אין 1562—3].

thir'ty-one' *n.* (טהויר'-טי-הוואן') איין־און־דרייסיג [אזא קארטען־שפיעל].

thir'tytwo'-mo *n.* (טהויר'-טי-טוה'-מאו) א בלאט וואס איז א צוויי־און־דריי־סיגסטעל פון א בויגען [אבגעקירצט גע־שריבען: *32mo*].

this *a. and pr.* (טהיס) דיעזער, דיעזע, דיעזעס; דאס, דער דאזיגער, די דאזיגע, דאס דאזיגע.

this day (טהיס דיי) היינט.

this done (טהיס דאן) נאכדעם ווי דאס איז געשעהען.

this one (טהיס הוואן) דיעזער, דיעזע, דיעזעס; דער דאזיגער, די דאזיגע, דאס דאזיגע.

this'tle *n.* (טהיסל) די דיסטעל [אזא דארן־פלאנצע].

Thistle

this'tle-bird *n.* (טהיס'ל-בוירד) דער אמעריקאנישער שטיגליץ אדער גאלד־פינק. ז. ***goldfinch***.

this'tle-crop'per *n.* (טהיס'ל-קראפ'-ער) אן עזעל, א הויז־עזעל.

this'tle-crown *n.* (טהיס'ל-קראון) אזא פארצייטיגע ענגלישע גאלדענע מטבע [מיט א פיגור פון א דיסטעל. ז. ***thistle***].

this'tle-dol'lar *n.* (טהיס'ל-דאל'-אר) אזא פארצייטיגע שאטלענדישע זילבערנע מטבע [מיט א פיגור פון א דיסטעל. ז. ***thistle***].

this'tle-finch *n.* (טהיס'ל-פינטש) א גאלד־פינק, א שטיגליץ. ז. ***goldfinch***.

this'tle-merk *n.* (טהיס'ל-מוירק) אזא פארצייטיגע שאטלענדישע מטבע.

this'tly *a.* (טהיס'-לי) בעוואקסען מיט דיסטלען; עהנליך צו א דיסטעל; שטע־כיג. ז. ***thistle***.

thith'er *adv., a. and v.* (טהיטה'-ער) אהין, אהין־צו, דארטען; וואס געפינט זיך דארטען, וואס געפינט זיך אויף דער צוויי־טער זייט, וואס איז אהין־צו; געהן אהין.

thitherto' *adv.* (טהיטה-ער-טוה') ביז, ביז אהין, אזוי ווייט.

thith'erward *adv.* (טהיטה'-ער-הווארד) אהין־צו, צו יענעם ארט אדער פונקט, אין יענער ריכטונג.

thith'erwards *adv.* (טהיטה'-ער-הווארדז) ז. ***thitherward***.

thlipsenceph'alus *n.* (טהליפ-סען-סעפ'-ע-לאס) א פערזעהעניש, ביי וועלכען עס פעהלט דער אויבערשטער טייל פון שארבען.

thlip'sis *n.* (טהליפ'-סיס) די צוזאמענ־דריקונג פון בלוט־געפעס.

tho *c.* (טהאו) א פערקירצונג פון ווארט ***though***.

tho' *c.* (טהאו) ז. ***tho***.

thole *n.* (טהאול) א רודער־פלעקעל [א פלעקעל ביי דער זייט פון א שיפעל צום האלטען אין פלאץ די רודער לאפעטקעס ביים רודערען]; דער גריף פון דעם הענ־טעל פון א קאסע; א קוילעכדיגע געביידע, א קופאל, א דאם [ביי די פארצייטיגע גריכען און רוימער]; א געוועלבטע נישע [פערטיעפונג אין א וואנד] אין א טעמ־פעל.

thole'-pin *n.* (טהאול'-פין) א רודער־פלעקעל. ז. ***thole***.

thol'obate *n.* (טהאל'-א-בייט) א קופאל־אונטערשפארע, דער פונדאמענט פון א קופאל אדער דאם.

tho'lus *n.* (טהאו'-לאס) אין דער קלאסי־שער ארכיטעקטור — א רונדע געביידע, א קופאל, א דאם.

Tho'maism *n.* (טאו'-מע-איזם) ז. ***Thomism***.

Tho'mism *n.* (טאו'-מיזם) טאמיזם, די לעהרען פון היילינען טאמאס פון אקווינא [געשטארבען אין יאהר 1274], איינער פון די בעריהמטעסטע פילאזאפען און רע־ליגיאנס־לעהרער פון דרייצעהנטען יאהר־הונדערט [טאמאס פון אקווינא האט בע־גרינדעט די לעהרען פון דער קריסטליכער רעליגיאן אויף די יסודות פון אריסטא־טעל'ס פילאזאפיע, האלטענדיג, אז אמונה און פילאזאפיע שטעהען ניט אין געגענ־זאץ איינע צו די אנדערע, נאר זיי האר־מאנירען און געהען האנד ביי האנד].

Tho'mist *n. and a.* (טאו'-מיסט) א טאמיסט, אן אנהענגער פון די לעהרען פון טאמאס פון אקווינאס; טאמיסטיש, וואס איז שייך צום טאמיזם אדער צו די טא־מיסטען. ז. ***Thomism***.

Thomis'tic *a.* (טא-מיס'-טיק) טאמיס־טיש, וואס איז שייך צום טאמיזם אדער צו די טאמיסטען. ז. ***Thomism***.

Thomis'tical *a.* (טא-מיס'-טי-קעל) טאמיסטיש, וואס איז שייך צום טאמיזם אדער צו טאמיסטען; שארף, חריפות'דיג, פלפול'דיג. ז. ***Thomism***.

thom'sonite *n.* (טאמ'-סאנ-איט) טאמ־סאניט [א מין זעאליט]. ז. ***zeolith***.

thong *n. and v.* (טהאהנג) א רימען; שמייסען [מיט א רימען].

tho'oid *a. and n.* (טהאו'-איד) וועלפיש, וואס איז עהנליך צו א וואלף, וואס בע־לאנגט צו דער וועלף־גרופע פון חיות [ווי למשל, א הונד]; א חיה פון דער וועלף־גרופע.

Thor *n.* (טהאהר) טהאר [איינער פון די הויפט־געטער ביי די פארצייטיגע סקאנ־דינאוויער].

thora'ces *n.* (טהא-ריי'-סיעז) ברוסט־קאסטענס; ברוסט־שטיקער [ביי אינזעק־טען]; ברוסט־פאנצערס. ז. ***thorax***.

thorac'ic *a. and n.* (טהא-רעס'-איק) וואס איז שייך צו דער ברוסט אדער צום ברוסט־קאסטען; וואס איז פערבונדען מיט'ן ברוסט־קאסטען; וואס געפינט זיך ביי דער ברוסט אדער אין ברוסט־קאסטען; ברוסטיג, וואס האט רוקען־פלוס־פעדערען [וועגען פיש]; א ברוסט־שלאג־אדער; א ברוסט־נערוו; א ברוסט־טייל פון קערפער; א פיש מיט רוקען־פלוס־פעדערען.

thorac'ic ar'tery (טהא-רעס'-איק אר'-טע-רי) א ברוסט־ארטעריע, א ברוסט־שלאג־אדער.

thorac'ic re'gion (טהא-רעס'-איק ריי'-דזשאן) דער ברוסט־טייל פון קערפער; א ברוסט־טייל.

thoracodid'ymus *n.* (טהא-ריי-קאו-דיד'-אי-מאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפענישען, וועלכע זיינען צוזאמענ־געוואקסען ביי דער ברוסט.

thoracogastrodid'ymus *n.* (טהא-ריי-קא-געס-טרא-דיד'-אי-מאס) א פער־זעהעניש פון צוויי בעשעפענישען, וועל־כע זיינען צוזאמענגעוואקסען ביי דער ברוסט און ביים בויך.

thoracom'eter *n.* (טהאו-רע-קאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אויסברייטונג פון דער ברוסט ביים אטע־מען.

thoracop'agus *n.* (טהאו-רע-קאפ'-ע-גאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפע־נישען מיט איין ברוסט.

thoracot'omy *n.* (טהאו-רע-קאט'-א-מי) אן איינשניט אין דער ברוסט.

tho'rah *n.* (טאו'-רא) ז. ***torah***.

tho'ral *a.* (טהאו'-רעל) וואס איז שייך צום הייראטס־בעט, וואס איז שייך צו היי־ראט; די וועגוס־ליניע [אויף דער דא־לאניע].

tho'rax *n.* (טהאו'-רעקס) די ברוסט, דער ברוסט־קאסטען; דאס ברוסט־שטיק [ביי אינזעקטען]; א ברוסט־שילד, א ברוסט־פאנצער.

tho'ria *n.* (טהאו'-רי-א) טהאר־ערד אדער טהאריום־אקסיד, א פערבינדונג פון זויער־שטאף מיט טהאריום [אזא מע־טאל].

tho'ric *a.* (טהאו'-ריק) וואס איז שייך צו טהאריום, וואס בעשטעהט פון טהא־ריום, וואס קומט פון טהאריום [אזא מע־טאל].

thori'na *n.* (טהא-ראי'-נא) ז. ***thoria***.

thori'num *n.* (טהא-ראי'-נאם) ז. ***thorium***.

tho'rium *n.* (טהאו'-רי-אם) טהאריום [איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענ־טען, וועלכער בעלאנגט צו די מעטאלען].

thorn *n. and v.* (טהאהרן) א דארן, א דארן־פלאנצע, א שטאכעל, א שפיץ, א שטעכיגע אדער שפיציגע ארויסשטארצונג; עטוואס וואס ערגערט אדער בעאונרוהיגט; צוזאמענפעסטיגען מיט א דארן אדער שטא־כעל.

thorn'-ap'ple *n.* (טהאהרנ'-עפ'ל) דער דארן=עפעל, דער שטעך=עפעל אדער סטראמאניום [אזא גיפטיגע גרינע פלאנצע מיט ווייסע בליטהען און מיט א שטעכיגער פרוכט. ז. איל.]; דער ווייס=דארן [אזא פלאנצע]; די מעהל=בעערע [די פרוכט פון ווייס=דארן].

Thorn-apple

thorn'back *n.* (טהאהרנ'-בעק) דער דארן=רוקען [אזא פלאטשיגער פיש מיט שטאכלען אויף'ן רוקען און אויף'ן עק. ז. איל.]; דער ים=שפין אדער טייפעל=קרעבס [ז. *spider-crab*].

Thornback

thorn'back-ray *n.* (טהאהרנ'-בעק-ריי) דער דארן=רוקען. ז. *thornback*.

thorn'bill *n.* (טהאהרנ'-ביל) דער דארן=שנאבעל [אזא זיד=אמעריקאנישעס זשום=פויגעלע מיט א קורצען, שארפען שנאבעל]. ז. *humming-bird*.

thorn'-bird *n.* (טהאהרנ'-בוירד) דער דארן=פויגעל [אזא זיד=אמעריקאנישער פיעל=קאלירטער פויגעל וואס מאכט פאר זיך א נעסט פון דערנער און צווייגלעך].

thorn'-broom *n.* (טהאהרנ'-ברוהם) דער גונסטער [א מין דארן=פלאנצע]. ז. *furze*.

thorn'-bush *n.* (טהאהרנ'-בוש) א דארן=בוש, א דארן=קוסט.

thorn'-dev'il *n.* (טהאהרנ'-דעוו'ל) דער דארן=טייפעל [אזא יאשטשערקע בעדעקט מיט שטאכלען].

thorned *a.* (טהאהרנד) דארנדיג, דערנערדיג, בעדעקט מיט דערנער, שטעכיג.

thor'nen *a.* (טהאהר'-נען) געמאכט פון דערנער.

thorn'-house *n.* (טהאהרנ'-האוס) א פלאץ צום אויסדאמפפען זאלץ=וואסער, וואו דאס וואסער טריפט דורך הויפענס בושעס אדער דערנער=פלאנצען.

thorn'less *a.* (טהאהרנ'-לעס) אהן דערנער.

thorn'-swine *n.* (טהאהרנ'-סוואיין) א שטאכעל=שוויין, א יאזש. ז. *porcupine*.

thorn'tail *n.* (טהאהרנ'-טייל) דער דארן=עק [אזא זשום=פויגעלע מיט לאנגע שארפע עק=פעדערען]. ז. *humming-bird*.

thorn'-tailed *a.* (טהאהרנ'-טיילד) וואס האט שפיציגע שופען אויף'ן עק [ווענען יאשטשערקעס].

thor'ny *a.* (טהאהר'-ני) דערנערדיג; שפיציג, שטעכעדיג; שמערצליך; שוועריג, מיהזאם.

thor'ough *a., prep., adv. and n.* (טהאר'-או) וואס געהט דורך, וואס געהט דורך און דורך; דורכדרינגענד; גרינדליך; פאלקאמען; דורך; עטוואס וואס געהט דורך [ווי א דורכגאנג, קאנאל, פערטיעפונג א. ז. וו.].

thor'ough-bass *n.* (טהאר'-או-בייס) אין מוזיק — א גענעראל=באס [באס=נאטען מיט צייכענס און ציפערען ביי זיי, אום אנצוצייגען די אקארדען]; א סיסטעם פון צייכענס און ציפערען [אין מוזיק]; הארמאניע, הארמאנישע מוזיקאלישע קאמפאזיציאָ.

thor'ough-brace *n.* (טהאר'-או-ברייס) א רימען וואס האלט אונטער דעם וואגען=קאסטען אדער וואגען=קויש.

thor'ough-braced *a.* (טהאר'-או-בריסט) בעפעסטיגט מיט רימענס אונטער דעם וואגען=קאסטען אדער וואגען=קויש [ווענען וואגענס, קארעטען א. ז. וו.].

thor'oughbred *a. and n.* (טהאר'-א-ברעד) פון ריינעם בלוט, פון ריינער אבשטאמונג, פון יחוס'דיגער אבשטאמונג [ווענען חיות און הויפטזעכליך ווענען פערד]; גוט ערצויגען, עלעגאנט; א חיה [ספעציעל א פערד] פון א ריינער אדער יחוס'דיגער אבשטאמונג; א גוט=ערצויגענער מענש; א יחסן.

thor'oughfare *n.* (טהאר'-א-פעהר) א דורכפאהר, א דורכגאנג; א וועג; א גאס.

thor'oughgoing *a.* (טהאר'-א-גאו-אינג) דורך און דורך, גרינדליך, פאלשטענדיג, ראדיקאל, עקסטרעם.

thor'oughly *adv.* (טהאר'-א-לי) דורך און דורך, גרינדליך, פאלשטענדיג, ראדיקאל.

thor'oughness *n.* (טהאר'-א-נעס) פאלשטענדיגקייט; פאלקאמענהייט; גרינדליכקייט; דאס זיין דורך און דורך.

thor'ough-paced *a.* (טהאר'-או-פייסט) פאלקאמען אויסגעבילדעט, געשיקט צו אלע ארטען גענג [ווענען פערד]; פאלקאם, פאלשטענדיג; וואס איז דורך און דורך.

thor'ough-pin *n.* (טהאר'-או-פין) אזא געשווילעכץ אין די קניע פון א פערד.

thor'ough-shot *n.* (טהאר'-או-שאט) ז. *thorough-pin*.

thor'ough-sped *a.* (טהאר'-או-ספעד) ז. *thorough-paced*.

thor'ough-stem *n.* (טהאר'-או-סטעם) ז. *thoroughwort*.

thor'oughwax *n.* (טהאר'-א-וועקס) דאס רונד=בלעטערדיגע האזען=אויערעל [אזא פלאנצע]. ז. *hare's-ear*.

thor'oughwort *n.* (טהאר'-א-ווארט) א מין וואסערדאסט=פלאנצע [ווערט געברויכט אלס מעדיצינישער מיטעל].

thor'ow-leaf *n.* (טהאר'-או-ליעף) ז. *thoroughwax*.

thor'ow-wax *n.* (טהאר'-או-וועקס) ז. *thoroughwax*.

thorp *n.* (טהאהרפ) א דערפעל.

thorps'man *n.* (טהאהרפס'-מען) א דארפסמאן, א ישוב'ניק.

those *a. and pr.* (טהאוז) יענע; די דאזיגע. ז. *that*.

Thoth *n.* (טאוט) טאט [די פארצייטיגע עגיפטישע געטהייט פון שפראך, שריפט, צייטרעכנונג און חכמה. פלעגט פארגעשטעלט ווערען מיט א קערפער פון א מענשען, מיט א קאפ פון אן איביס (אזא פויגעל) און אפט אויך מיט א לבנה אויף'ן קאפ].

thou *pr. and v.* (טהאו) דו; דוצען, רופען ,,דו".

though *c. and adv.* (טהאו) אבוואהל, כאטש, כאטש אפילו; אויב; דאך, ביים אלעם דעם, ניט קוקענדיג דערויף.

thought (טהאהט) געדענקט, געדאכט, געטראכט א. ז. וו. ז. *think*.

thought *n.* (טהאהט) 1. א געדאנק; דאס דענקען; נאכדענקונג; א בעגריף; פערשטאנד, אינטעלעקט; 2. אן אבזיכט; 3. זארג, בעזארגטקייט; 4. א ביסעל, א קאפּעטשקע.

2. I have some **thought** of going to Europe this season. 4. It is a **thought** too small to bother about.

though'ted *a.* (טהאה'-טעד) וואס האט [געוויסע] געדאנקען.

thought'-ex'ecuting *a.* (טהאהט'-עק'-סי-קיו-טינג) וואס ווירקט מיט דער שנעלקייט פון געדאנק.

thought'ful *a.* (טהאהט'-פול) נאכדענקענד; געדאנקענפול; איבערלעגט, פארזיכטיג; אויפמערקזאם, זארגזאם, זארגענד פאר...; האבענדיג אין זינען; גיטיג, מיט אויפמערקזאמקייט און זארג פאר אנדערע; בעזארגט, זארגענד.

thought'fully *adv.* (טהאהט'-פול-אי) מיט נאכדענקונג, מיט איבערלעגונג, מיט פארזיכטיגקייט; מיט אויפמערקזאמקייט, מיט פריינדליכקייט אדער גוטיגקייט.

thought'fulness *n.* (טהאהט'-פול-נעס) נאכדענקונג, דאס זיין פערזונקען אין געדאנקען, איבערלעגונג; זארגזאמקייט; אויפמערקזאמקייט, פארזיכטיגקייט; בעזארגטקייט; גוטיגקייט.

thought'less *a.* (טהאהט'-לעס) געדאנקענלאז; ניט איבערלעגט, אונבעזאנען, זארגלאז.

thought'lessly *adv.* (טהאהט'-לעס-לי) אהן געדאנקען; אויף אן אונאיבערלעגטען, אונבעזאננענעם אדער זארגלאזען אופן.

thought'lessness *n.* (טהאהט'-לעס-נעס) געדאנקענלאזיגקייט; אונאיבערלעגטקייט, אונבעזאנענהייט, נאכלעסיגקייט, זארגלאזיגקייט.

thought'-rea'der *n.* (טהאהט'-ריע'-דער) א געדאנקען=לעזער; איינער וואס בעהויפטעט, אז ער קען לעזען א צווייטענס געדאנקען.

thought'-rea'ding *n.* (טהאהט'-ריע'-דינג) דאס געדאנקען=לעזען, דאס ארויסלעזען א צווייטענס געדאנקען.

thoughts *n.* (טהאהטס) געדאנקען; שטימונג, לוינע, געמיטה.

thought'sick *a.* (טהאהט'-סיק) געדאנקען=קראנק, טרויעריג, בעזארגט.

thought'some *a.* (טהאהט'-סאם) ז. *thoughtful*.

thought'someness *n.* (טהאהט'-סאם-נעס) ז. *thoughtfulness*.

thought'-trans'fer *n.* (טהאהט'-טרענס'-פער) טעלעפאטיע [דאס איבערגעבען געדאנקען אויף א שטרעקע אהן פיזישער בעריהרונג]. ז. *telepathy*.

thought'-trans'ference *n.* (טהאהט'-טרענס'-פער-ענס) ז. *thought-transfer*

thought'-transferen'tial *a.* (טהאהט'-טרענס-פע-רענ'-שעל) טעלעפאטיש. ז. *thought-transfer*

thought'-wave *n.* (טהאהט'-הווייוו) א געדאנקען־כוואליע [די וועלענארטיגע בעוועגונג פון א פאנטאסטישען שטאף, וועלכע מאכט כלומר'שט מעגליך די טעלעפאטיע אדער דאס איבערגעבען געדאנקען אויף א שטרעקע אהן פיזישער בעריהרונג].

tho'us *n.* (טהאו'-אס) א מין אפריקאנישער שאקאל [אזא ווילדער הונד]. ז. *jackal*

thou'sand *a. and n.* (טהאו'-זענד) טויזענד; א טויזענד; א מאס ליים וואס איז גענוג צו מאכען א טויזענד ציעגעל.

thou'sandfold *a.* (טהאו'-זענד-פאולד) טויזענדפאך, טויזענד מאל אזוי פיעל.

thou'sand-legs *n.* (טהאו'-זענד-לעגז) א טויזענד־פיסלער, א טויזענד־פיסיגער [אזא ווארים]. ז. *milleped*

thou'sandth *a. and n.* (טהאו'-זענדטה) טויזענדסטער, טויזענדסטע, טויזענדסטעס; וואס איז א טויזענד־חלק; א טויזענד־חלק, א טויזענדסטעל.

thow'el *n.* (טהאו'-על) ז. *thole*

thowl *n.* (טהאול) ז. *thole*

thral'dom *n.* (טהראהל'-דאם) שקלאפעריי, קנעכטשאפט.

thrall *n., a. and v.* (טהראהל) א שקלאף, א קנעכט, א שקלאפין; א געפאנגענער, א געפאנגענע; פערשקלאפט; פערשקלאפען, פערקנעכטען.

thrall'er *n.* (טהראהל'-ער) א פערשקלאפער.

thrall'ful *a.* (טהראהל'-פול) פערשקלאפט, שקלאפיש.

thrap *v.* (טהרעפ) צוזאמענבינדען, ארומבינדען [מיט שיפס־שטריק].

thrash'er *n.* (טהרעש'-ער) ז. *thresher*

thrash'er-shark *n.* (טהרעש'-ער-שארק) ז. *thresher-shark*

thrash'ing *n.* (טהרעש'-אינג) ז. *threshing*

thrash'ing-floor *n.* (טהרעש'-אינג-פלאור) ז. *threshing-floor*

thrash'ing-machine' *n.* (טהרעש'-אינג-מע-שין') ז. *threshing-machine*

thrason'ical *a.* (טהרע-סאנ'-אי-קעל) בעריהמעריש.

thrason'ically *adv.* (טהרע-סאנ'-אי-קעל-אי) מיט בעריהמעריי.

thrave *n.* (טהרייוו) צוויי קופעס גארבען צו צוועלף יעדער; א צאהל פון צוויי טוץ [24]; א היבשע צאהל; א גארב, א סנאפ; א זשמעניע.

thread *n. and v.* (טהרעד) א פאדים [ווי פון ליין, זייד, וואל א. ד. ג.]; א פיבר, א פאזער, א פעדים־ארטיגע זאך; דער גווינט פון א שרויף; אין בערגארבייט — א דינער ערץ־אדער; זעהר א דינע ליניע אין א צייכנונג; דער פאדים, די ריכט־שנור, דער הויפט־געדאנק אדער די אידעע וואס ווערט דורכגעפיהרט אין א לעקציע, געשפרעך א. ד. ג.; א שפור, א סליאד; דער לעבענס־פאדים; ארייינציהען א פאדים [ווי אין א נאדעל]; אנציהען [ווי פערעל] אויף א פאדים; דורכגעהן דורך עפעס [ווי דורך א שמאלען גאנג] מיט פארזיכטיגקייט; מאכען א גווינט [אויף א שרויף].

thread and nee'dle (טהרעד ענד ניעדל) ז. *thread-needle*

thread'bare *a.* (טהרעד'-בעהר) אויסגעריבען, אבגעטראגען, אבגעניצט [וועגען קליידער].

thread'bareness *n.* (טהרעד'-בעהר-נעס) אויסגעריבענקייט, אבגעטראגענקייט, אבגעניצטקייט.

thread'-car'rier *n.* (טהרעד'-קער'-אי-ער) אין א שטריק־מאשין — א העקעל, דורך וועלכען עס געהט דורך דער פאדים.

thread'-cut'ter *n.* (טהרעד'-קאט'-ער) אן אינסטרומענט אויסצושניידען די גווינטען אויף א שרויף; א פארריכטונג אין א נעה־מאשין איבערצוהאקען דעם פאדים.

thread'ed *a.* (טהרעד'-עד) מיט א פאדים; מיט א גווינט [וועגען א שרויף].

thread'er *n.* (טהרעד'-ער) א פארריכטונג ארייינצוציהען א פאדים אין א נאדעל.

thread'-feath'er *n.* (טהרעד'-פעטה'-ער) א לאנגע דינע פעדער ווי א פאדים.

thread'-fin'isher *n.* (טהרעד'-פינ'-איש-ער) א מאשין צו רייניגען, מאכען גלאט און פאלירען ליין אדער באוועל־פאדים.

thread'-mark *n.* (טהרעד'-מארק) זעהר א דינער און שטארקער פאדים וואס ווערט בענוצט אין דער פאבריקאציאן פון געלד־פאפיער.

thread'-nee'dle *n.* (טהרעד'-ניע'דל) אזא קינדער־שפיעל, וואו א צאהל קינדער שטעהען פארוויין איינער הינטער די אנדערע מיט אויפגעהויבענע און צוזאמענגעפאסטע הענד, אויסבילדענדיג א טהויער, דורך וועלכען די גאנצע רייה פארלעך דארף דורכגעהן.

thread of a discourse' (טהרעד אוו ע דיס-קאורס') דער לייט־פאדים אדער לייטמאטיוו פון א פארטראג אדער לעקציע.

thread'-pa'per *n.* (טהרעד'-פיי'-פער) א שמאלער פאס פון דינעם פאפיער, אין וועלכען מען וויקעלט איין א מאטאק פאדים.

thread'-shaped *a.* (טהרעד'-שייפט) פאדים־ארטיג, פאדים־פערמיג.

thread'-the-nee'dle *n.* (טהרעד'-טהי-ניע'דל) ז. *thread-needle*

thread'worm *n.* (טהרעד'-הווארם) ז. *pinworm*

thread'y *a.* (טהרעד'-אי) פעדימדיג; וואס בעשטעהט פון פעדים; בעדעקט מיט פעדים.

threat *n. and v.* (טהרעט) דאס סטראשען; א דראהונג, א סטראשונאק; דראהען, סטראשען.

threat'en *v.* (טהרעטן) דראהען, סטראשען.

threat'ener *n.* (טהרעט'-נער) א דראהער, איינער וואס דראהט אדער סטראשעט.

threat'ening *n. and a.* (טהרעט'-נינג) א דראהונג; א סטראשונאק; דראהענד, סטראשענד; וואס דראהעט, וואס סטראשעט מיט עפעס.

threat'eningly *adv.* (טהרעט'-נינג-לי) מיט דראהונג; מיט א סטראשונאק; אויף א דראהענדען, סטראשענדען אופן.

threat'ful *a.* (טהרעט'-פול) דראהענד, סטראשענד; מיט א דראהענדען אויסזעהן.

threat'fully *adv.* (טהרעט'-פול-אי) מיט דראהונגען אדער סטראשונקעס.

threat'less *a.* (טהרעט'-לעס) אהן דראהונגען; ניט סטראשענדיג.

threave *n.* (טהריעוו) ז. *thrave*

three *a. and n.* (טהריע) דריי; די צאהל דריי; די ציפער דריי; א דריטעל [אין קארטען].

three'-deck'er *n. and a.* (טהריע'-דעק'-ער) א קריעגס־שיף מיט דריי רייהען קאנאנען איינע איבער די אנדערע אויף דריי בעזונדערע דעקען; וואס האט דריי דעקען [וועגען געוויסע קריעגס־שיפען].

three'-dimen'sional *a.* (טהריע'-די-מענ'-שאנ-על) ז. *tridimensional*

three'-far'things *n.* (טהריע'-פאר'-טהינגז) א פארצייטיגע ענגלישע זילבערנע מטבע אין דעם ווערטה פון דריי פארטינגס [1½ אמעריקאנער סענט].

three'fold *a., n. and adv.* (טהריע'-פאולד) דרייפאך, דריי מאל אזוי פיעל; ביטער־גראז אדער וואכטע [אזא גראז מיט דרייפאכיגע בלעטער און ווייסע בליהונגען]; דרייפאכיג; אויף א דרייפאכינער ארט.

three'-foot *a.* (טהריע'-פוט) וואס איז דריי פוס לאנג; מיט דריי פיס.

three'-foot'ed *a.* (טהריע'-פוט'-עד) מיט דריי פיס.

three'-half'pence *n.* (טהריע'-היי'-פענס) א פארצייטינע ענגלישע זילבערנע מטבע אין דעם ווערטה פון דריי הייפענים [3 אמעריקאנער סענט].

three'-han'ded *a.* (טהריע'-הענ'-דעד) מיט דריי הענד; וואס איז געטהאן אדער געשפיעלט מיט דריי הענד אדער פון דריי פערזאנען.

three'-leaved *a.* (טהריע'-ליעווד) דריי־בלעטערדיג; מיט דרייפאכיגע בלעטער [וועגען געוויסע פלאנצען].

three'-light *n.* (טהריע'-לאיט) א לייכטער מיט דריי ליכט; א לאמפ מיט דריי ברען־קנויטען.

three'-lobed *a.* (טהריע'-לאובד) דריי־לאפיג; מיט דריי לאפען אדער לעפלעך [וועגען פלאנצען־בלעטער].

three'-man *a.* (טהריע'-מען) וואס פאדערט דריי מענשען כדי אויסצופיהרען עס.

three'-mas'ted *a.* (טהריע'-מעס'-טעד) מיט דריי מאסטען [וועגען א שיף].

three'-mas'ter *n.* (טהריע'-מעס'-טער) א זעגעל־שיף מיט דריי מאסטען.

three'-nerved *a.* (טהריע'-נוירוווד) אין באטאניק — מיט דריי נערוועו־עהנליכע פעדימלעך.

three'ness *n.* (טהריע'-נעס) דרייאיניקייט.

three'-par'ted *a.* (טהריע'-פאר'-טעד) דריי־טייליג; צוטיילט אין דריי טיילען.

three'pence *n.* (טהריע'-פענס) אן ענגלישע זילבערנע מטבע פון דריי פענים [6 אמעריקאנער סענט].

three'penny *a. and n.* (טהריע'-פענ-אי) ווערטה דריי פענים; ווייניג ווערטה, אונבעדייטענד, אונוויכטיג; א מטבע פון דריי פענים [6 אמעריקאנער סענט].

three'-ply *a.* (טהריע'-פלאי) דרייפאכיג; אין דריי פאכען.

three'-quar'ter *a.* (טהריע'-קהוואהר'-טער) דריי־פיערטעלדיג; פון דריי־פיערטעל גרויס [וועגען א פארטרעט וואס איז גענומען בלויז ביז די היפטען].

three'-quar'ters *a.* (טהריע'-קהוואהר'-טערז) ז. *three-quarter*

three'-ribbed *a.* (טהריע'-ריבד) ז. *three-nerved*

three'score *a.* (טהריע'-סקאור) דריי מאל צוואנציג [זעכציג].

Three Sis′ters (the) (טהריע סיס׳-טערז) ז. *Fates*.
three′-square *a.* (טהריע׳-סקהוועהר) דריי-קאנטיג.
three times three (טהריע טאימז טהריע) א דרייפאכער הורא.
three′-valved *a.* (טהריע׳-וועלווד) אין באטאניק — וואס האט אדער וואס עפענט זיך מיט דריי ווענטילען [קלאפען].
thremmatol′ogy *n.* (טהרעמ-ע-טאל׳-א-דזשי) טרעמאטאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען פיה-צוכט און פלאנצען-צוכט.
threnet′ic *a.* (טהרי-נעט׳-איק) טרויע-ריג, פערקימערט.
threnet′ical *a.* (טהרי-נעט׳-אי-קעל) ז. *threnetic*.
thre′node *n.* (טהרי׳-נאוד) ז. *threnody*.
threno′dial *a.* (טהרי-נאו׳-די-על) עלע-גיש; וואס איז שייך צו א קלאג-ליעד. ז. *threnody*.
threnod′ic *a.* (טהרי-נאד׳-איק) ז. *threnodial*.
thren′odist *n.* (טהרענ׳-א-דיסט) א שרייבער פון קלאג-ליעדער. ז. *threnody*.
thren′ody *n.* (טהרענ׳-א-די) א קלאג-ליעד; א ליעד וואס ווערט פערפאסט צו דער לויה פון א געוויסער פערזאן.
threpsol′ogy *n.* (טהרעפ-סאל׳-א-דזשי) טרעפסאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען דער נאהרונג פון א לעבעדיגען ארגאניזם.
thresh *v.* (טהרעש) דרעשען; קלאפען, שלאגען; הארעווען, זיך מאטערען איבער עפעס, ארבייטען מיט שוויים; זיך ווער-פען, זיך שליידערען.
thresh about′ (טהרעש ע-באוט׳) זיך ווארפען, זיך שליידערען.
thresh′er *n.* (טהרעש׳-ער) א דרעשער; א דרעש-מאשין; דער ים-פוקס [א מין האי-פיש]; א מיטגליעד פון אן אירלענ-דיש-קאטוילישער ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1806 מיט דעם ציעל ניט צו צאהלען געוויסע שטייע-רען; א מין דראסעל [אזא פויגעל].
thresh′er-shark *n.* (טהרעש׳-ער-שארק) דער ים-פוקס [א מין האי-פיש].
thresh′ing *n.* (טהרעש׳-אינג) דאס דרעשען.
thresh′ing-floor *n.* (טהרעש׳-אינג-פלאור) דער גרונט, די פאדלאגע אדער דיל פון א שייער, אויף וועלכער מען דרעשט תבואה; א טויק, א דרעש-פלאץ.
thresh′ing-machine′ *n.* (טהרעש׳-אינג-מע-שין׳) א דרעש-מאשין.



Threshing-machine

thresh′ing-mill *n.* (טהרעש׳-אינג-מיל) ז. *threshing-machine*.
thresh′ing-place *n.* (טהרעש׳-אינג-פליים) ז. *threshing-floor*.
thresh′old *n.* (טהרעש׳-אלד) 1. א שוועל, א טהיר-שוועל; אן אריינגאנג, א טהיר; 2. דער אנפאנג פון עפעס.
2. He is now at the threshold of his argument.

threw (טהרו) געווארפען. ז. *throw*.
thrice *adv.* (טהראיס) דריי מאל; וויע-דערהאלענד; פאלשטענדיג, גענצליך; מיט שטארקער בעטאנונג.
thri′fallow *v.* (טהראי׳-פעל-או) אויפ-קערען א פעלד דאס דריטע מאל פאר׳ן זייהען.
thrift *n.* (טהריפט) שפארזאמקייט [אין ווירטשאפט], עקאנאמיע; א שפאר-קעס-טעל [א קליין קעסטעל צו האלטען אב-געשפארטעס געלד]; די זאמד-נעלקע [אזא גראז], ז. *sea-gillyflower*.
thrift′-box *n.* (טהריפט׳-באקס) א שפאר-קעסטעל [א קליין קעסטעל צו האל-טען אבגעשפארטעס געלד].
thrif′tily *adv.* (טהריפ׳-טי-לי) אויף א שפארזאמען, עקאנאמישען שטייגער; מיט אויסגערעכענטקייט, מיט פארזיכטיג-קייט.
thrif′tiness *n.* (טהריפ׳-טי-נעס) שפאר-זאמקייט; עקאנאמיע [אין ווירטשאפט].
thrift′less *a.* (טהריפט׳-לעס) ניט שפאר-זאם, פערשווענדעריש.
thrift′lessly *adv.* (טהריפט׳-לעס-לי) אויף אן אונשפארזאמען שטייגער; פער-שווענדעריש.
thrift′lessness *n.* (טהריפט׳-לעס-נעס) אונשפארזאמקייט; פערשווענדערישקייט.
thrif′ty *a.* (טהריפ׳-טי) מזל׳דיג, ער-פאלגרייך; גוט-געהענד, בליהענד; מיט הצלחה; עקאנאמיש [אין ווירטשאפט].
thrill *v.* and *n.* (טהריל) דורכנעהמען [ווי מיט א שווידער]; דורכדרינגען מיט א פלוצליכען געפיהל [ווי פון פרייד, רחמנות א. ד. ג.]; שווידערען [ווי פון קעלט]; ציטערען, וויברירען; א שווידער, א ציטער; א ציטערענדע בעוועגונג; א טרעל [ווי פון א פויגעל].
thrill′ing *a.* (טהריל׳-אינג) דורכדרינ-גענד מיט א געוויסען געפיהל [ווי פון פרייד, טרויער א. ד. ג.]; וואס רופט ארויס א שווידער אדער ציטער.
thrill′ingly *adv.* (טהריל׳-אינג-לי) שווידערענדיג; דורך א ציטער.
thrip *n.* (טהריפ) א מטבע פון דריי פענים.
thrips *n.* (טהריפס) אן ארט פליגעלע, וואס ערנעהרט זיך פון די בלעטער פון געוויסע בוימלעך [ווי וויינשטאקען].
thrive *v.* (טהראיוו) גליקען, האבען הצלחה; זיין ערפאלגרייך, בליהען, געדייע-הען, שטארק וואקסען.
thriv′en (טהריווען) צו-אויסגעוואקסען, געקומען [אין גרויס, אין רייכטום א. ד. ג.]. ז. *thrive*.
thri′ver *n.* (טהראי׳-ווער) א בעל-הצלחה; איינער וועמען עס געהט גוט.
thri′ving *a.* (טהראי׳-ווינג) מזל׳דיג, מיט הצלחה; ערפאלגרייך; געדייהענד, וואקסענד.
thri′vingly *adv.* (טהראי׳-ווינג-לי) מיט מזל, מיט הצלחה; אויף אן ערפאלגרייכען, בליהענדען אדער וואקסענדען שטייגער.
thri′vingness *n.* (טהראי׳-ווינג-נעס) גליק, מזל; הצלחה; געדייהונג.
thro (טהרו) אבקירצונג פון *through*.
thro′ (טהרו) ז. *thro*.
throat *n.* and *v.* (טהראוט) דער שלונד, די קעהל; דער גארגעל; דער האלז [אי-בערהויפט דער פאדערשטער טייל פון האלז]; עטוואס וואס איז ענליך צו א שלונד אדער האלז; אויסשניידען ווי א רינע אדער קאנאל.

throat′-band *n.* (טהראוט׳-בענד) א האלז-באנד; דאס האלז-רימענדעל פון א צוים.
throa′ted *a.* (טהראו׳-טעד) מיט א האלז; מיט א שלונד, מיט א קעהל; מיט א גארגעל.
throa′ter *n.* (טהראו׳-טער) אזא מעסער וואס ווערט בענוצט צו שניידען די העל-זער פון פיש; אן ארבייטער וואס אר-בייט מיט אזא מעסער ביי דער צוריכ-טונג פון פיש.
throa′tiness *n.* (טהראו׳-טי-נעס) די אויסגעשטארצטקייט פון האלז; די גאר-געלדיגקייט פון א שטימע אדער אויס-שפראך.
throat′-latch *n.* (טהראוט׳-לעטש) דאס האלז-רימענדעל פון א צוים.
throat′-pipe *n.* (טהראוט׳-פאיפ) די לופט-רעהר, דער גארגעל.
throat′wort *n.* (טהראוט׳-הווארט) דאס האלז-קרויט [אזא בלומען-פלאנצע, וועל-כע מען פלעגט אמאל בענוצען פאר האלז-שמערצען]; די גלאקען-בלום.
throa′ty *a.* (טהראו׳-טי) האלזיג, גאר-געלדיג, אויסגעשפראכען ווי פון גארגעל; וואס האט א גרויסען שלונד; גיעריג, פרעסעריש.
throb *v.* and *n.* (טהראב) פולסירען, קלאפען, שלאגען [ווי דאס הארץ אדער דער פולס]; דאס שלאגען, דאס קלאפען פון הארץ אדער פון פולס.
throb′bing *a.* and *n.* (טהראב׳-אינג) פולסירענד, שלאגענד, קלאפענד; דאס שלאגען, דאס קלאפען פון הארץ אדער פולס.
throb′bingly *adv.* (טהראב׳-אינג-לי) פולסירענדיג, קלאפענדיג, שלאגענדיג [ווי דאס הארץ אדער דער פולס].
throe *n.* and *v.* (טהראו) וועהטאג, שמערץ; געבורטס-וועהען; די מאטערניש פון דער גסיסה; ליידען, זיך מאטערען אין דער גסיסה, גוסס׳ען.
thrombo′sis *n.* (טהראם-באו׳-סיס) ז. *thrombus*.
throm′bus *n.* (טהראמ׳-באס) א בלוט-געשוואולסט, א פערגליווערונג פון בלוט אין אן אדער, וואס שטערט די בלוט-ציר-קולאציאן.
thro′nal *a.* (טהראו׳-נעל) וואס איז שייך צו א טהראן.
throne *n.* and *v.* (טהראון) די טהראן; א קעניגליכע מאכט אדער ווירדע; זעצען אויף׳ן טהראן.
throne′less *a.* (טהראונ׳-לעס) אהן א טהראן, אראבגעזעצט פון טהראן.
throng *n.*, *v.* and *a.* (טהראהנג) א מחנה, א המון; א געזעמעל, א גרויסער עולם, א געדרענג; א גרויסע צאהל; זיך דרענגען, זיך שטופען; דרענגען; אנ-פאקען מיט מענשען; אנגעפאקט מיט מענ-שען; אנגעפילט, אנגעפאקט, אנגעשטאפט.
throp′ple *n.* (טהראפל) דער גארגעל, די לופט-רעהר.
thros′tle *n.* (טהראסל) די זינג-דראסעל [אזא זינג-פויגעל]; א שפין-מאשין.
thros′tle-frame *n.* (טהראס׳ל-פריים) א שפין-מאשין.
thros′tling *n.* (טהראס׳-לינג) האלז-ענטצינדונג אדער האלז-געשווילעכץ ביי בהמות.
throt′tle *n.* and *v.* (טהראטל) דער שלונד, דער האלז, די קעהל, דער גארגעל; א דראסעל-קלאפע, א דראסעל-ווענטיל [ז. *throttle-valve*]; זיך שטיקען, זיך

ווערגען; שטיקען, ווערגען; דערשטיקען, דערווערגען; פערהאלטען דורך א דראסעל=קלאפע אדער דראסעל=ווענטיל [וועגען א דאמפף=מאשין אדער א דאמפף=רעהר]; אויסריידען מיט א פערשטיקטען קול; אטהעמען שווער, ווי פערשטיקט; זיך שטיקען, זיך ווערגען.

throt'tle-lev'er *n.* (טהראט'ל-לעווי'-ער) דאס הענטעל אדער דער הויבעל מיט וואס עס ווערט איינגעשטעלט דער דראסעל=ווענטיל [ז. *throttle-valve*] פון א דאמפף=מאשין.

throt'tler *n.* (טהראט'-לער) א שטיקער, א ווערגער.

throt'tle-valve *n.* (טהראט'ל-וועלוו) א דראסעל=ווענטיל, א דראסעל=קלאפע [א ווענטיל אדער קלאפע אין דער דאמפף=רעהר, וואס געהט פון דאמפף=קעסעל צום דאמפף=צילינדער, צום רעגולירען דעם דאמפף=שטראם].

through *prep., adv., a. and n.* (טהרוה) דורך; דורך און דורך; אויס, פון, פאר, צוליעב; מיט דער הילף; וואס געהט דורך; א דורכגעהענדער שטיין, א שטיין אין א געביידע וואס געהט דורך און דורך.

through and through (טהרוה ענד טהרוה) דורך און דורך, פון אנהויב ביז'ן סוף.

through bolt (טהרוה באולט) א דורכגעהענדער באלץ אדער שטיפט [א באלץ אדער שטיפט וואס געהט דורך און דורך].

through car (טהרוה קאר) א דורכגעהענדער אדער דירעקטער וואגאן [אן אייזענבאהן=וואגאן וואס געהט דורך די גאנצע אייזענבאהן=ליניע אדער פון איין וויכטיגען צענטראלען פונקט צו א צווייטען].

through design' (טהרוה די-זאין') אומישנע, גערן, במזיד.

through'-ligh'ted *a.* (טהרוה'-לאי'-טעד) בעלייכטעט מיט פענסטער פון ביידע געגענאיבערליגענדע זייטען.

through line (טהרוה לאין) א דורכגעהענדע אדער דירעקטע אייזענבאהן=ליניע.

throughout' *adv. and prep.* (טהרוה-אוט') איבעראל, אומעטום; אין אלע בעציהונגען; דורך און דורך; דורכאויס; דורך דער גאנצער שטרעקע; אין פערלויף פון דער גאנצער צייט.

through'-stone *n.* (טהרוה'-סטאון) אין ארכיטעקטור — א דורכגעהענדער שטיין, א שטיין וואס פערנעהמט די גאנצע ברייט פון דער וואנד.

through thick and thin (טהרוה טהיק ענד טהין) פאר לענג און פאר ברייט, אהן ריקזיכט, ניט אכטענדיג אויף שטערונגען און הינדערניסע.

through tick'et (טהרוה טיק'-עט) אן אייזענבאהן=בילעט אדער שיף=בילעט, וועלכער איז גילטיג פאר דער גאנצער רייזע.

through traf'fic (טהרוה טרעפ'-איק) א רייזע פון איין ענד אייזענבאהן=ליניע ביז צו איהר צווייטען ענד אדער פון איין וויכטיגער צענטראלער סטאנציע ביז צו א צווייטער.

through train (טהרוה טריין) א דורכגעהענדער אייזענבאהן=צוג [וואס געהט דורך דער גאנצער אייזענבאהן=ליניע אדער פון איין וויכטיגען צענטראלען פונקט צו א צווייטען].

throve (טהראוו) געגליקט, גערייהעט, געוואקסען. ז. *thrive*

throw *v. and n.* (טהראו) ווארפען; שליידערען; א שטוים טהאן; אומווארפען, אנידערווארפען; ארויפווארפען [ווי א שאל, א דעקע א. ד. ג.]; ארונטערווארפען; אראבווארפען; אריינווארפען; ווארפען א קארט אויף'ן טיש, שפיעלען קארטען; שפיעלען אין ווירפלעך; ווענדען, ריכטען, ווארפען [אן אויג]; פערלירען אומישנע א שפיעל; פארמירען א כלי פון ליים; געבעהרען; צוזאמענדרעהען פאדים, צונויפדרעהען ווי צווירען; א ווארף; א שליידער; א ווארף אין ווירפעל=שפיעל; א ריזיקע, א געוואגטע אונטערנעהמונג; די שטרעקע פון א ווארף; א געצייג, א פארריכטונג אדער מאשין צו בריינגען עטוואס אין א שנעלער קרייזבעוועגונג; א שאל וואס ווערט בענוצט עפעס איינצואוויקלען; די פלעצליכע אומדרעהונג פון א מאגנעט=נאדעל, ווען די מאגנעטישע קראפט ווערט פלעצליך געענדערט; אין געאלאגיע — דאס א רוק טהאן זיך פון אן ערד=שיכט.

throw across' (טהראו ע-קראהס') אריבערווארפען [אויף יענער זייט].

throw aside' (טהראו ע-סאיד') אוועקווארפען אן א זייט.

throw a sop to Cer'berus (טהראו ע סאפ טו סויר'-בע-ראס) צוואווארפען א הונד א ביין, אונטערקויפען איינעם מיט כאבאר.

throw away' (טהראו ע-הוויי') 1. אוועקווארפען; 2. פערשווענדען; 3. זיך אבזאגען; פערלירען דורך נאכלעסיגקייט אדער גלייכגילטיגקייט.

time′-recor′der *n.* (טאים׳-רי-קאהר׳-דער) א צייט-פערצייכנער; איינער וואס פערצייכענט די צייט, ווען ארבייטער הויבען אן און ענדיגען זייער ארבייט; א זייגער, אויף וועלכען ארבייטער דריקען אב די צייט, ווען זיי קומען און געהען אוועק פון דער ארבייט.

time′-sense *n.* (טאים׳-סענס) די פעהיגקייט צו בעגרעהמען צייט און צייט-פערהעלטניסע, דער בעגריף וועגען צייט.

time′-ser′ver *n.* (טאים׳-סויר׳-ווער) איינער וואס געהט וואוהין דער ווינד בלאזט; איינער וואס דענקט און האנדעלט אזוי ווי די מאכט-האבער ווילען; א שקלאפיש-אונטערטעניגער מענש.

time′-ser′vice *n.* (טאים׳-סויר׳-וויס) דאס לאזען וויסען די ריכטיגע צייט [פון אסטראנאמישע אבזערוואטאריעס].

time′-ser′ving *a. and n.* (טאים׳-סויר׳-ווינג) וואס געהט וואוהין דער ווינד בלאזט; וואס דענקט און האנדעלט ווי די מאכט-האבער ווילען; שקלאפיש; דאס שטימען מיט דער צייט; צופאסונג צו די אנגענומענע מיינונגען; אונטערווארפענהייט, שקלאפישקייט, אונטערטעניגקייט.

time′-ser′vingness *n.* (טאים׳-סויר׳-ווינג-נעס) דאס געהן וואוהין דער ווינד בלאזט; דאס דענקען און האנדלען אזוי ווי די מאכט-האבער ווילען; שקלאפישע אונטערטעניגקייט.

time′-sheet *n.* (טאים׳-שיעט) א צעטעל פון ארבייטס-שטונדען.

time′-sight *n.* (טאים׳-סאיט) די בעשטימונג [פון א שיף] פון דער לאגע פון א הימעלשען קערפער [אום דורך דעם זיך צו דערוויסען די ריכטיגע צייט און די געאגראפישע לאגע פון דעם ארט, וואו די שיף געפינט זיך].

time′-sig′nal *n.* (טאים׳-סיג׳-נעל) א סיגנאל וואס דייטעט אן א בעשטימטע צייט פון טאג.

time′-sig′nature *n.* (טאים׳-סיג׳-נע-טשור) די טאקט-בעצייכנונג ביים נאטען-שליסעל.

times to come (טאימז טו קאם) די קומענדע צייטען, די צוקונפט.

time′-ta′ble *n.* (טאים׳-טיי׳-בל) א צייט-טאבעלע [א פערצייכניס פון די שטונדען ווען עפעס דארף געשעהן [ווי א טאבעלע פון דער צייט ווען אייזענבאהנען געהען אב און קומען אן]; א טאקטען-טאבעלע [א טאבעלע פון נאטען פון פערשיעדענעם צייט-דויער].

time′-thrust *n.* (טאים׳-טהראסט) אן איבערפאל אין פעכטען בעת דער געגנער ציהט אב דעם אטהעם אדער בעת ער קלייבט זיך צו אן איבערפאל.

time′-val′ue *n.* (טאים׳-וועל׳-יו) דער צייט-דויער פון א מוזיקאלישער נאטע.

time′-work *n.* (טאים׳-הוואירק) צייט-ארבייט, טאג-ארבייט, שטונדען-ארבייט [אין גענענזאץ צו שטיק-ארבייט].

time′-worn *a.* (טאים׳-הוואורן) פערעלטערט, אלט, אבגעניצט.

tim′id *a.* (טימ׳-איד) שרעקעדיג.

timid′ity *n.* (טי-מיד׳-אי-טי) שרעקעדיגקייט.

tim′idly *adv.* (טימ׳-איד-לי) שרעקעדיג.

tim′idness *n.* (טימ׳-איד-נעס) ז. *timidity*

ti′ming *n.* (טאי׳-מינג) די ריכטיגע צופאסונג פון מאשינען-טיילען.

tim′ist *n.* (טימ׳-איסט) א טאקט-האלטער, א שפיעלער אדער זינגער וואס האלט ריכטיג דעם טאקט.

He is a good singer but a poor timist.

timoc′racy *n.* (טאי-מאק׳-רע-סי) טימאקראטיע, פערמעגענס-הערשאפט [אזא רעגיערונגס-פארם, וואו א רעגיערונגס-שטעלע קען פערנעהמען בלויז א רייכער אדער פערמעגליכער מענש].

timocrat′ic *a.* (טים-א-קרעט׳-איק) טימאקראטיש; וואס איז שייך צו א טימאקראטיע. ז. *timocracy*

Ti′monist *n.* (טאי׳-מאנ-איסט) א מיזאנטראפ, א מענשען-פיינד [איינער וואס איז עהנליך צו טימאן פון אטהען, א בעוואוסטער "מענשען-פיינד", אין דער צייט פון דעם פעלאפאנעזישען קריעג].

Ti′monize *v.* (טאי׳-מאנ-איז) ארויסשטעלען זיך פאר א מיזאנטראפ אדער מענשען-פיינד.

timoro′so *a.* (טים-א-ראו׳-סאו) אין מוזיק — שרעקעדיג, ניט פעסט, ניט זיכער [ווענען א געוויסער ארט שפיעלען].

tim′orous *a.* (טימ׳-א-ראס) שרעקעדיג; וואס האט מורא; וואס בעקומט זיך פון מורא אדער אונזיכערהייט.

tim′orously *adv.* (טימ׳-א-ראס-לי) אויף א שרעקעדיגען אופן; מיט מורא; מיט אונזיכערקייט אוים מורא.

tim′orousness *n.* (טימ׳-א-ראס-נעס) שרעקעדיגקייט, פורכטזאמקייט, ענגסטליכקייט.

tim′othy *n.* (טימ׳-א-טהי) ז. *timothy-grass*

tim′othy-grass *n.* (טימ׳-א-טהי-גרעס) טימאטהעאוס-גראז [איינס פון די בעסטע גראזען וואס דיענען אלס פוטער פאר בהמות. וואקסט אין אייראפא און אמעריקא].

tim′-whis′ky *n.* (טימ׳-הוויס׳-קי) א לייכטע איינשפאניגע קארעטע.

tin *n., a. and v.* (טין) צין; בלעך בעדעקט מיט צין, וויים-בלעך; א צינענע כלי; געלד; געמאכט פון צין; פערצינען, בעדעקען מיט צין; האלטען אדער פאקען עפעס אין א צינענער כלי.

tin'amou *n.* (טינ'-ע-מוה) די זיר־אמע־ ריקאנישע גראז־הוהן.

Tinamou

tin'cal *n.* (טינ'-קעל) דער רויהער באַ־ ראקס. ז. *borax*.

tin'-case *n.* (טינ'-קייס) א צינענע אדער בלעכענע שאכטעל.

tin'chel *n.* (טינ'-טשעל) א גרויסער קרייז פון יעגער, וועלכע רינגלען ארום א הירש, מאכענדיג דעם קרייז ארום איהם אלץ ענגער און ענגער.

tin'chill *n.* (טינ'-טשיל) ז. *tinchel*.

tin'clad *n.* (טינ'-קלעד) אין צייט פון בירגער־קריעג אין אמעריקא — א קריעגס־ שיף וואס איז געוועזן בעשלאגען מיט די־ נעם בלעך [געוועזן בענוצט אין די וועסט־ ליכע טייכען פון די פעראייניגטע שטאַ־ טען פון אמעריקא אין דער צייט פון ביר־ גער־קריעג].

tinc'tion *n.* (טינק'-שאן) פארב־שטאף; עטוואס וואס גיט צו א קאליר.

tincto'rial *a.* (טינק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו פארבעריי; וואס ברייננט ארויס א פארב.

tinc'ture *n. and v.* (טינק'-טשור) א פארב, א קאליר; א געפארבטע זאך; א שאטירונג, א געשמאק, א טעם; אין מע־ דיצין — די טינקטור [א פליסיגקייט, וואס ענטהאלט אין זיך די עסענץ פון א געוויסען שטאף פאנאנדערגעלאזען אין אל־ קאהאל אדער עטהער]; פארבען, צוגעבען א קאליר; ווירצען, צוגעבען א געוויסען טעם.

tind *v. and n.* (טינד) צינדען, אנצינ־ דען; אן ארוסגעשטארצטער שפיציגער טייל פון עפעס [ווי א צווייג פון א פלאנ־ צע, דער הארן פון א בהמה א. ד. ג.].

tin'dal *n.* (טינ'-דעל) אין אסט־אינדיען— אן אינדישער אונטער־אפיציער אין דער אסט־אינדישער ארמעע.

tin'der *n.* (טינ'-דער) [אן אויס־ צונטער] געטרייקענטעס ווייכעס מאטעריאל, וואס צינדעט זיך אן פון איין פונק].

tin'der-box *n.* (טינ'-דער-באקס) 1. די צונטער־שאכטעל [ז. *tinder*]; 2. עפעס וואס קען זיך לייכט אנצינדען.

2. The house was nothing but a **tinder-box**.

tin'der-like *a.* (טינ'-דער-לאיק) ווי צונטער; וואס צינדעט זיך לייכט, צינדבאר.

tin'dery *a.* (טינ'-דער-אי) ווי צונטער; וואס צינדעט זיך לייכט אן; וואס ווערט לייכט אויפגערעגט.

tine *n.* (טאין) א צאהן [ווי פון א גא־ פעל]; א צווייגעל [ווי פון א הירש'ס הארן].

tin'ea *n.* (טינ'-אי-א) ז. *ringworm*.

tined *a.* (טאינד) וואס האט צייהנער [ווי א גאפעל].

tin'-foil *n. and v.* (טינ'-פאיל) ציו־ פאליע, צין־בלאט, צין־פאפיער [וואס ווערט בענוצט צום איינוויקלען, ווי פעק־ לעך טהעע, טאבאק א. ד. ג.]; איינוויק־ לען אן ארטיקעל אין צין־בלאט.

ting *v. and n.* (טינג) קלינגען, מאכען "טינג"; א קלאנג; א "טינג"־קלאנג.

ting'-a-ling' *n.* (טינג'-ע-לינג') דאס קלינגען פון א גלעקעל.

tinge *v. and n.* (טינדזש) צוגעבען א לייכטע שאטירונג; מאכען וויינער א גע־ וויסע פארבונג אדער קאליר; צוגעבען א טעם, מאכען געשמאק; א לייכטע פארב אדער קאליר, א שאטירונג; א בע'טעמ'ונג.

tin'-glass *n.* (טינ'-גלעס) ציו־גלאז, וויסמוט. ז. *bismuth*.

tin'gle *v. and n.* (טינגל) קלינגען, זשוי־ מען, זשומען, רוישען [אין די אויע־ רען]; שטעכען, שמערצען; פיהלען א דורכנעהמענדען קלאנג; פיהלען א דורכדרינגענדען שמערץ; פיהלען שטעכע־ ניש; דאס קלינגען פון א גלעקעל; דאס פיהלען א שטעכעניש; א דורכדרינגליכער שמערץ.

tink *v. and n.* (טינק) ארויסברייינגען א קלינגענדען טאן [ווי ביים קלאפען שטיק־ לעך מעטאל איינע אן די אנדערע]; א קלונג, א קלינגענדער טאן.

tin'ker *n. and v.* (טינ'-קער) א בלעכער, וואס געהט אום פון הויז צו הויז צו פער־ ריכטען קיך־געשיר; דאס פערריכטען מע־ טאלענע כלים; א לאטוטניק, א פארטאטש; א פארטאטשקע שטיקעל ארבייט; דאס פארטאטשעווען; א קליינער מאקרעל [אזא פיש]; פערריכטען קיך־געשיר; ארויפלעגען לאטעס, מאכען פארטאטשקע ארבייט.

tin'kerly *a.* (טינ'-קער-לי) פארטאטשיש.

tin'kle *v. and n.* (טינקל) קלינגען, קלינג־ לען; רוישען, זשושען [אין די אויערען]; מאכען קלינגען; דאס קלינגען [ווי פון א גלעקעל]; א קלינגעריי.

tin'kler *n.* (טינ'-קלער) א קלינגער, א קליין גלעקעל; איינער וואס געהט אום פון הויז צו הויז צו פערריכטען קיך־געשיר; א וואנדערער, א בראדיאגע.

tin'kling *n.* (טינ'-קלינג) דאס קלינגען [ווי פון א גלעקעל], א קלינגענדער גע־ רויש; א מין שווארצער פויגעל פון יא־ מאיקא.

tin'-liq'uor *n.* (טינ'-ליק'-אר) צין־ בייצע [צין וואס איז פאנאנדערגעלאזען אין א שטארקער זויער־פליסיגקייט. ווערט גענוצט צו בייצען וואל פאר'ן פארבען].

tin'man *n.* (טינ'-מען) א בלעכער, איי־ נער וואס מאכט צינענע כלים אדער צין־ בלעך; איינער וואס האנדעלט מיט צינענע כלים.

tin'-mine *n.* (טינ'-מאין) א צין־גרוב; א שאכטע וואו מען גראבט צין.

tin'-mor'dant *n.* (טינ'-מאהר'-דענט) ז. *tin-liquor*.

tin'ner *n.* (טינ'-ער) איינער וואס מאכט צינענע כלים; אן ארבייטער אין א צין־ גרוב אדער צין־שאכטע.

tin'ning *n.* (טינ'-אינג) דאס צינען, דאס ווייסען, דאס בעדעקען א מעטאלענע כלי מיט צין; דאס מאכען אדער פערריכטען צינענע כלים; די צין־שיכט וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף מעטאלענע כלים.

tinni'tus *n.* (טי-נאי'-טאס) אין מע־ דיצין — טיניטוס, דאס קלינגען אין די אויערען.

tin'ny *a.* (טינ'-אי) צינערן, פון צין; רייך אין צין.

tin'-pen'ny *n.* (טינ'-פענ'-אי) אין אמא־ ליגע צייטען אין ענגלאנד — א געוויסע צאהלונג פאר אן ערלויבניש צו גראבען צין אין צין־שאכטען.

tin'-plate' *n.* (טינ'-פלייט') ווייס־בלעך; א צינענע פלאטע.

tin'plate' *v.* (טינ'-פלייט') צינען, ווייי־ סען, בעדעקען מיט צין.

tin'-put'ty *a.* (טינ'-פאט'-אי) צין־אש [צו פאלירען כלים].

tin'sel *n., v. and a.* (טינ'-סעל) פליטער־ גאלד; פליטערלעך; א פוסטער גלאנץ; בעפוצען מיט פליטער־ווערק; בעציערען מיט עטוואס בלישטשענדעס; מיט פלי־ טערלעך; בלישטשענד; וואס ווארפט זיך צופיעל אין די אויגען.

tin'-shop *n.* (טינ'-שאפ) א בלעכער־ ווערקשטאט [א ווערקשטאט, וואו עס ווע־ רען געמאכט אדער פערריכט בלעכענע און צינענע כלים].

tin'smith *n.* (טינ'-סמיטה) א בלעכער.

tin'smithing *n.* (טינ'-סמיטה-אינג) בלעכעריי.

tin'stone *n.* (טינ'-סטאון) צין־שטיין, צין־ערץ.

tint *n. and v.* (טינט) די פארבונג, דער קאלאריט; דער קאליר, דער טאן פון פארבען, די שאטירונג; צוגעבען קאלאריט; פארבען מיט א געוויסער שאטירונג.

tin'ter *n.* (טינ'-טער) איינער אדער עפעס וואס גיט צו א שאטירונג אדער קא־ לאריט.

tin'tiness *n.* (טינ'-טי-נעס) דאס הא־ בען א קאלאריט אדער שאטירונגען פון פארבען.

tin'ting *n.* (טינ'-טינג) אין גראווי־ רונג — דאס מאכען א קאלאריט אדער שאטירונג דורך אויסקריצען סעריעס פון גראדע און פאראלעלע ליניען אויף'ן גרא־ וויר־שטיין.

tintinnab'ulant *a.* (טינ-טי-נעב'-יו- לענט) ז. *tintinnabular*.

tintinnab'ular *a.* (טינ-טי-נעב'-יו- לאר) וואס איז שייך צו גלאקען אדער צו זייער קלאנג; קלינגענד [ווי א גלאק].

tintinnab'ulary *a.* (טינ-טי-נעב'-יו- לע-רי) קלינגענד; וואס האט א קלונג [ווי א גלאק].

tintinnabula'tion *n.* (טינ-טי-נעב-יו- ליי'-שאן) דאס קלינגען פון א גלאק אדער גלאקען; א קלונג ווי פון א גלאק.

tintinnab'ulous *a.* (טינ-טי-נעב'-יו- לאס) וואס קלינגט מיט א גלאק.

tintinnab'ulum *n.* (טינ-טי-נעב'-יו- לאם) א גלאק, א גלעקעל; א קלינגעריי פון קליינע גלעקלעך.

tint'less *a.* (טינט'-לעס) אהן פארבען, אהן א קאלאריט.

tin'to *n.* (טינ'-טאו) דער רויטער מא־ דיירא־וויין.

tintom'eter *n.* (טינ-טאם'-ע-טער) א טינטאמעטער, אן אינסטרומענט צו בע־ שטימען די שאטירונגען פון פארבען לויט א געוויסען פארבען־מאסשטאב.

tint'-tool *n.* (טינט'-טוהל) אן אינ־ סטרומענט אויסצוקריצען אויף א גראוויר־ שטיין סעריעס פון גראדע און פאראלעלע ליניען, וועלכע מאכען די שאטירונג אדער קאלאריט פון דער גראוויור.

tin'ty *a.* (טינ'-טי) מיט ניט הארמאני־ שע פארבען אדער שאטירונגען.

tin'type *n.* (טינ'-טאיפ) ז. *ferrotype*.

tin'ware *n.* (טינ'-הוועהר) ווייס־בלע־ כענע אדער צינענע כלים.

tin'-works *n.* (טינ'-הוואירקס) א פאב־

ריק וואו עס ווערט פראדוצירט צין אדער צינענע כלים.

ti'ny *a.* (טאי'-ני) קליין, גאנץ קליין.

tip *n. and v.* (טיפ) א שפיציגער ענד פון עפעס, דער שפיץ; א קליין צוגעזעצטעס שטיקעל וואס דיענט אלס דער ענד־שפיץ פון עפעס [ווי די סקאווקע פון א שטעקעל, דער ברענער וואס טהוט זיך אן אויף א גאז־רעהרעל, דער שטויב־בייטעל פון א בליהונג א. ד. ג.]; דער אויבער־שטער טייל פון א היטעל; ביי בוכבינ־דער — אן אינסטרומענט צו בעגילדען רוקענס פון ביכער; א לייכטער קלאפ, א לייכטער שטויס; א ספעציעלער וואגאן פאר שטיין־קויהלען; אן ארט וואו מען ווארפט ארויס מיסט; א געהיימע מיט־טיילונג צו איינעם וועגען א זאך, וואס קען איהם ברייננען א בעזונדערען נוצען [ווי דאס מיטטיילען איינעם וועגען דער זאך, איבער וועלכער ער האט זיך גע־וועט מיט אן אנדערען, אום ער זאל געווינען דעם געוועט]; טרינק־געלד [קליין־געלד וואס ווערט געגעבען אלס מתנה צו אנגעשטעלטע אדער בעדיענטע]; מאכען דעם שפיץ פון עפעס; צוגעבען א שפיץ; לייכט אנקלאפען; אנבויגען עט־וואס אן א זייט; איבערגעבען עפעס, אריינווארפען אין האנד [ווי א מטבע]; איבערגעבען א סעקרעט ווי אזוי צו טרע־פען אדער צו געווינען [ווי אין א וועט, שפעקולאציאן א. ד. ג.]; געבען טרינק־געלד; זיך אבבויגען אן א זייט.

tip'-car *n.* (טיפ'-קאר) אויף אן אייזענ־באהן — א וואגאן ביי וועלכען דער קאס־טען קען זיך אויפהויבען און ארונטערלא־זען און ווערט בענוצט צו פיהרען מיסט, קויהלען א. ד. ג.

tip'-cart *n.* (טיפ'-קארט) א וואגען, ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך אויפהויבען און ארונטערלאזען, און ווערט בענוצט צו פיהרען זאכען וואס מען דארף אויסשיטען, ווי זאמד, קויהלען, מיסט א. ד. ג.

tip'-cat *n.* (טיפ'-קעט) אזא קינדער־שפיעל, וואו א קליין העלצעל, וואס איז פערשפיצט פון ביידע זייטען, ווערט אב־געקלאפט מיט א שטעקעל, און ווען עס שפרינגט אב פון דער ערד דורך דעם קלאפ, ווערט עס אבגעקלאפט א צווייטען מאל; דאס שטיקעל פערשפיצטע האלץ וואס ווערט געברויכט אין אזא שפיעל.

tip off liq'uor (טיפ אף ליק'-אר) אויס־בויגען דאס פלעשעל אזוי, אז די גאנצע משקה זאל זיך אויסגיסען.

tip o'ver (טיפ או'-ווער) איבערקעהרען עפעס; אנבויגען א זאך ביז זי קעהרט זיך איבער.

tip'per *n.* (טיפ'-ער) עפעס וואס דיענט צו איינצובויגען א זאך אויף א זייט; די פאררעכטונג וואס דיענט אז א וואגען קויה־לען זאל זיך איינבויגען אויף א זייט, כדי די קויהלען זאלען זיך אליין אויסשיטען; איינער וואס ארבייט ביים אויסשיטען קויהלען, זאמד א. ד. ג.; איינער וואס גיט איבער א סעקרעט, כדי דער אינפאר־מירטער זאל געווינען אין א וועט, אין שפעקולאציאן א. ד. ג.; דער וואס גיט טרינק־געלד פאר געוויסע דיענסטען; אין ענגלאנד — א געוויסער זארט ביער.

tip'pet *n.* (טיפ'-עט) א פאלערינע; א גרויסער לאנגער פעלץ־קראגען ווי א פא־לערינע; א גלח'שער קאפוץ [אזא שאל, וואס ווערט געטראגען פון גייסטליכע]; אן אנוואקסונג פון פעדערען אין דער פארם פון א קראגען ביי געוויסע פויגעל.

tip'ping *n.* (טיפ'-אינג) א צוגעבען דאס שפיץ; דאס אנבויגען עפעס; דאס געבען טרינק־געלד; אין מוזיק ביים שפיעלען אויף א בלאז־אינסטרומענט — דאס לייכ־טע אנקלאפען מיט דער צונג, כדי די טע־נער זאלען קלינגען בעזונדער, ווי איבער־געריסען.

tip'ping-cart *n.* (טיפ'-אינג-קארט) ז. *tip-cart*.

tip'ple *n. and v.* (טיפ'ל) א טרונק בראנ־פען; טרינקען אפט שנאפס, נאר ניט אי־בער דער מאס; כאפען אפט א טרונק בראנפען; פער'שכור'ען, שכור מאכען.

tip'pler *n.* (טיפ'-לער) איינער וואס נעהמט אפט א טרונק בראנפען.

tip'pling-house *n.* (טיפ'-לינג-האוס) א שענק.

tip'py *a.* (טיפ'-אי) שאקעל־בויגזאם; אונזיכער; דעליקאט, פיין, פארזיכ־טיג [אין אומגאנג].

tip'sify *v.* (טיפ'-סי-פאי) בערוישען [דורך שכרות]; פער'שכור'ען.

tip'sily *adv.* (טיפ'-סי-לי) פער'שכור'־טערהייד.

tip'siness *n.* (טיפ'-סי-נעס) דאס זיין בערוישט, פער'שכור'טקייט.

tip'-sled *n.* (טיפ'-סלעד) א שליטען, ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך איינ־בויגען אויף א זייט אום אויסצושיטען דעם אינהאלט.

tip'staff *n.* (טיפ'-סטעף) אין ענג־לאנד — דער אונטערגעארדנעטער פון א שעריף, א קאנסטאבעל, א פאליציי־סקער; א געריכטס־בעדיענטער; א שטאק מיט א מעטאלענער גאלקע [אלס אמטס־צייכען פון א פארצייטיגען געריכטס־בעדיענטען אין ענגלאנד].

tip'ster *n.* (טיפ'-סטער) איינער וואס זוכט אויס און טיילט מיט סעקרעטען בנוגע צו א וועט־קאמפף, צו שפעקולא־ציאנען אויף דער בערזע א. ז. וו.

tip'-stretch'er *n.* (טיפ'-סטרעטש'-ער) א מאשין פאנאנדערצוציהען א הוט.

tip'sy *a.* (טיפ'-סי) פער־בעטרונקען, פער־שכור'ט.

tip'sy-cake *n.* (טיפ'-סי-קייק) אזא טארט מיט מאנדלען און מיט וויין [ווערט געברויכט אלס דעסערט אדער צושפייז].

tip the scales (טיפ טהי סקיילז) 1. וועגען; האבען געוויכט; 2. אריבערצי־הען די וואגשאל, איבערוועגען.

1. He is very stout. He tips the scales at 300. 2. His self interest tipped the scale against his obligations.

tip the trav'eler (טיפ טהי טרעוו'-על-ער) אבנארען, בעשווינדלען, בעטריגען.

tip'toe *n., v. and adv.* (טיפ'-טאו) די שפיץ־פינגער פון די פיס; געהן אויף די שפיץ פינגער; אויף די שפיץ פינגער.

tip'top' *n., a and adv.* (טיפ'-טאפ') דער סאמע אויבען, דער סאמע שפיץ; דער העכסטער גראד, די העכסטע שטופע; דער העכסטער; פון דאס בעסטע; אויף דעם בעסטען אופן.

tipula'rian *n. and a.* (טיפ-יו-לעי'-רי-ען) אזא לאנג־פיסיגע פליעג אדער עהנ־ליכער אינזעקט; וואס איז שייך צו די לאנג־פיסיגע פליעגען.

tip'ulary *a.* (טיפ'-יו-לע-רי) וואס איז שייך צו די לאנג־פיסיגע פליעגען.

tip up (טיפ אפ) איינבויגען אויף איין זייט, אויפהויבען איין ענד.

tip'-wag'on *n.* (טיפ'-וועג'-אן) א וואגאן אדער וואגען וואס ווערט אויסגע־לעדיגט דורך איינבויגען איהם אויף א זייט.

tirade' *n.* (טי-רייד') א טיראדע, א לאנג־אויסגעצויגענער זאץ; א לאנגע דע־קלאמאציע; א ווערטער־שטראם; א לאנגע היציגע רעדע; אין מוזיק — א דיאטאני־שער טאן, וואס ווערט אריינגעשטעלט צווישען צוויי אבגעטיילטע טענער זיי צו־נויפצוגיסען.

tirailleur' *n.* (טי-רע-ליער') א שיסער אין דער פראנצויזישער ארמעע; א סאל־דאט פון א קליינער מיליטער־אבטיילונג, וועלכע האט איהר אייגענע אנצוהאלטען קליינע ניט רעגולערע געפעכטען מיט'ן שונא.

tire *n. and v.* (טאיר) די אייזערנע אדער גומענע שינע [רייף] פון א ראד; א קאפ־בעפוצונג; אויספוצונג; פוץ; מיעד־קייט; מיעד ווערען, פערמאטערט ווערען; מיעד מאכען, פערמאטערען; בעפוצען; אויסשטאטען, אויספארטיגען; ארויפלע־גען א שינע אויף א ראד.

tire'-ben'der *n.* (טאיר'-בענ'-דער) א מאשין צום בויגען שינעס פאר רעדער.

tire'-bolt *n.* (טאיר'-באולט) א שרויף־שטיפט צוצושרויפען די שינע צום ראד.

tired *a.* (טאירד) 1. מיעד; 2. איבער־דריסיג, דערעסען.

2. I am tired of it.

tired'ness *n.* (טאירד'-נעס) מיעדקייט, פערמאטערטקייט.

tire'-drill *n.* (טאיר'-דריל) א דריל אדער בויערער צום בויערען לעכער אין שינעס פון רעדער.

tire'less *a.* (טאיר'-לעס) וואס ווערט ניט מיעד, אונערמיעדליך; אהן שינעס.

tire'lessly *adv.* (טאיר'-לעס-לי) ניט ווערענדיג מיעד, ניט ווערענדיג פערמא־טערט.

tire'lessness *n.* (טאיר'-לעס-נעס) דאס ניט ווערען מיעד אדער פערמאטערט.

tire'lire *n.* (טאיר'-ליער) אזא ליימענעס קעסטעל צו קלייבען געלד [דאס געלד קען מען ארויסנעהמען נור ווען מען צוברעכט דאס קעסטעל].

tire'man *n.* (טאיר'-מען) א הענדלער מיט קליידער און פוץ־ארטיקלען.

tire'-meas'urer *n.* (טאיר'-מעזש'-יור-ער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אומקרייז פון א ראד אדער ראד־שינע.

tire out (טאיר אוט) אויסמאטערען.

tire'-press *n.* (טאיר'-פרעס) א פרעס ארויפצודריקען שינעס אויף רעדער.

tire'-set'ter *n.* (טאיר'-סעט'-ער) א מאשין ארויפצוזעצען שינעס אויף רעדער.

tire'-shrin'ker *n.* (טאיר'-שרינ'-קער) א מאשין איינצוציהען שינעס, ווען זיי ווערען לויז אויף'ן ראד.

tire'smith *n.* (טאיר'-סמיטה) א שמיעד וואס מאכט שינעס פאר רעדער.

tire'some *a.* (טאיר'-סאם) אויסמאטע־רענד, ערמיעדענד; לאנגווייליג; איבער־דריסיג.

tire'somely *adv.* (טאיר'-סאם-לי) אויף אן ערמיעדענדען אופן; לאנגווייליג, אי־בערדריסיג.

tire'someness *n.* (טאיר'-סאם-נעס) ערמיעדונג, אויסמאטערונג; לאנגווייליג־קייט, איבערדריסיגקייט.

tir'ing *n.* (טאיר'-אינג) אנקליי־דונג, פוצונג.

tir'ing-room *n.* (טאיר'-אינג-רוהם) אן אנקליידונגס־צימער.

tirl *v. and n.* (טוירל) זיך ווירבלען, דרעהען; זיך ענדערען ווי דער ווינד; מאכען א קלאפעריי אדער גערויש ווי מען טרייסעלט אדער דרעהט עטוואס;

דרעהען; אראבריינסען אדער אראבפליקען; א ווירבעל, א דרעהונג.

tirocin'ium *n.* (טאי-ראָ-סינ'-אי-אָם) די ערשטע דיענסט פון א סאלדאט; די ערשטע ארבייטען פון איינעם וואס לערענט זיך אויס א מלאכה אדער קונסט.

T-i'ron *n.* (טי'-אי'-ערן) אייזען-שטאבען וואס האבען אין זייער קווער-שניט די פארם פון א **T**.

Tiro'nian notes (טאי-ראָ'-ני-ען נאָוטס) די טיראנישע צייכענס, די ערשטע סטענאגראפישע צייכענס, וואס זיינען געווען געברויכט ביי די פארצייטיגע רוימער [דיעזע סיסטעם פון צייכענס האט אויסגעארבייט דער פארצייטיגער געלעהרטער טירא, וועלכער איז א געוועזענער צייט געווען א שקלאף ביי דעם רוימישען פילאזאף און אראטאר ציצערא].

tir'ra-lir'ra *n.* (טיר'-א-ליר'-א) דער טרעלען-געזאנג פון א לערכע [אזא זינג-פויגעל].

tir'rit *n.* (טיר'-איט) טעראָר, שרעקען.

tir'wit *n.* (טויר'-הוויט) דער קיביץ [אזא פויגעל. ז. *lapwing*].

tir'y *a.* (טאיר'-אי) מיעד; וואס ווערט מיעד.

'tis (טיז) עס איז [אן אבקירצונג און צוזאמענציהונג פון די צוויי ווערטער *it is*].

tisane' *n.* (טי-זען') ז. *ptisan*.

Tish'ri *n.* (טיש'-רי) דער אידישער חדש תשרי.

tis'sue *n., a. and v.* (טיש'-אוה) געוועב, געוועבטער שטאף; צייג דורכגעוועבט מיט גאלד אדער זילבער; דאס ארגאנישע געוועב, דאס צעלען-געוועב פון לעבעדיגע קערפער אדער פון פלאנצען; געוועבט; געמאכט פון א געוועב; דורכוועבען; דורכוועבען מיט גאלדענע אדער זילבערנע פעדים; בעקליידען אדער בעדעקען מיט געוועבטען שטאף.

tis'sued *a.* (טיש'-אוהד) דורכגעוועבט מיט פערשיעדענע קאלירען; דורכגעוועבט מיט גאלד און זילבער-פעדים.

tis'sue-pa'per *n.* (טיש'-אוה-פיי'-פער) זייד-פאפיער, גאנץ דינעס פאפיער.

tit *n.* (טיט) א ציצקע, א נאפעל אדער ווארצעל פון א ברוסט; א קליין, מאגער פערדעל; א קינד; א מיידעל; א יונגע פרוי; אזא קליין פויגעל; א גלייכע אבטפערונג [ז. *tit for tat*].

Ti'tan *n. and a.* (טאי'-טען) דער טיטאן, איינער פון די טיטאנען, די קינדער פון אוראנוס און געא [די טיטאנען זיינען געווען פארגעשטעלט אלס מורא'דיגע ריעזען, וועלכע האבען געפיהרט א קאמפף געגען דעם העכסטען גאט צעאוס, וועלענדיג ארויפגעהען אויף'ן הימעל, האבען זיי אנגעווארפען בערג אויף בערג. אבער צעאוס האט זיי גובר געווען און ארונטערגעשליידערט זיי אין טארטאר אדער גיהנום]; די זון אדער דער גאט פון דער זון ביי די אלטע גריכען; א ריעז, א געוואלטיגער גבור; ריעזיג, טיטאניש, געוואלטיג שטארק.

ti'tan *n.* (טאי'-טען) טיטאן אדער טיטאניום [ז. *titanium*]; טיטאניום-ערץ.

ti'tanate *n.* (טאי'-טען-אייט) טיטאנזויער זאלץ [א פערבינדונג פון א זויערע מיט דעם מעטאל טיטאן וואס בילדעט א זאלץ].

Titanesque' *a.* (טאי-טע-נעסק') טיטאניש, ווי א טיטאן; ריעזיג. ז. *Titan*.

Ti'taness *n.* (טאי'-טען-עס) א טיטאנין, א ריעזין.

Tita'nia *n.* (טאי-טיי'-ני-א) אין די פראנצויזישע פאלקס-מעשיות — טיטאניא, די לעגענדארע עלפען-קעניגין; אזא מין אינזעקטען.

Tita'nian *a.* (טאי-טיי'-ני-ען) ז. *Titanic*.

tita'nian *a.* (טאי-טיי'-ני-ען) ז. *titanic*.

Titan'ic *a.* (טאי-טען'-איק) טיטאניש, ווי א טיטאן; ריעזיג, גיגאנטיש, געוואלדיג שטארק אדער גרויס.

titan'ic *a.* (טאי-טען'-איק) וואס איז שייך צו טיטאן אדער טיטאניום. ז. *titanium*.

Titan'ical *a.* (טאי-טען'-אי-קעל) ז. *Titanic*.

titanif'erous *a.* (טאי-טע-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט טיטאן אדער טיטאניום. ז. *titanium*.

ti'tanite *n.* (טאי'-טען-איט) טיטאניט, טיטאן-ערץ, א מינעראל וואס ענטהאלט דעם מעטאל טיטאן.

tita'nium *n.* (טאי-טיי'-ני-אם) טיטאן אדער טיטאניום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען, וועלכע געהערען צו די מעטאלען].

Titanom'achy *n.* (טאי-טע-נאמ'-ע-קי) טיטאנאמאכיע, די מעשיות וועגען דעם קאמפף פון די טיטאנען געגען די געטער. ז. *Titan*.

tit'bit *n.* (טיט'-ביט) א געשמאקער ביסען.

tit for tat (טיט פאר טעט) א קלאפ פאר א קלאפ, א פאטש פאר א פאטש.

ti'thable *a.* (טאי'-טהעבל) פון וואס עס דארף אבגעצאהלט ווערען א צעהנטער טייל, פון וואס מען דארף געבען מעשר; וואס דארף צאהלען מעשר.

tithe *n. and v.* (טאיטה) א צעהנטער טייל, א צעהנטעל; אן אבצאהל וואס בעשטעהט פון א צעהנטעל; מעשר פאר דער קירך; ארויפלעגען אן אבצאהל פון א צעהנטען טייל, נעהמען מעשר; געבען מעשר.

tithe'-commis'sioner *n.* (טאיטה'-קא-מיש'-אנ-ער) א רעגיערונגס-בעאמטער אין ענגלאנד וואס בעשטימט די מעשר-אבצאהלונג.

tithe'-free *a.* (טאיטה'-פריע) פריי פון צעהנטעל-אבצאהל, פטור פון מעשר.

tithe'-gath'erer *n.* (טאיטה'-געטה'-ער-ער) א מעשר-זאמלער.

tithe'-ow'ner *n.* (טאיטה'-אָו'-נער) איינער צו וועמען עס געהערט די צעהנטעל-אבצאהל אדער מעשר פון א געוויסער געגענד.

tithe'-pay'er *n.* (טאיטה'-פיי'-ער) א מעשר-צאהלער.

ti'ther *n.* (טאי'-טהער) א מעשר-זאמלער; א מעשר-צאהלער.

tithe'-stea'ler *n.* (טאיטה'-סטיע'-לער) איינער וואס פער'גנב'עט ניט צו צאהלען קיין מעשר.

ti'thing *n.* (טאי'-טהינג) א גרופע פון צעהן הויז-בעזיצער, וועלכע האבען זיך אמאל אין ענגלאנד גערעכענט אלס א געמיינדע אין בעצוג צו געוויסע פליכטען צו דער רעגיערונג און וועלכע האבען געדארפט ערב זיין איינער פאר דעם אנדערען פאר גוטער אויפפיהרונג; דאס זאמלען מעשר; עטוואס וואס ווערט גענומען אלס מעשר.

ti'thing-man *n.* (טאי'-טהינג-מען) א פארשטעהער פון א גרופע פון צעהן הויז-בעזיצער, וועלכע האבען זיך אמאל אין ענגלאנד גערעכענט אלס א געמיינדע אין בעצוג צו געוויסע פליכטען צו דער רעגיערונג און וועלכע האבען געדארפט ערב זיין איינער פאר דעם אנדערען פאר גוטער אויפפיהרונג; א דעסיאטניק, אן אונטער-קאנסטאבל [אזא געוועהלטער אדער אנגעשטעלטער פאליציסט אמאל אין ענגלאנד].

tithon'ic *a.* (טי-טהאנ'-איק) וואס איז שייך צו כעמיש-ווירקענדע ליכט-שטראהלען.

tithonic'ity *n.* (טיטה-א-ניס'-אי-טי) די כעמישע ווירקונג פון ליכט-שטראהלען.

tithonom'eter *n.* (טיטה-א-נאמ'-ע-טער) א טיטאהנאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די כעמישע ווירקונג פון ליכט.

Titianesque' *a.* (טיש-יע-נעסק') וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די קונסט-ווערק פון ווענעציאנישען מאלער טיציאן [געב. 1477, געשט. 1576].

tit'illant *n.* (טיט'-אי-לענט) א קיצלער.

tit'illate *v.* (טיט'-אי-לייט) קיצלען.

titilla'tion *n.* (טיט-אי-ליי'-שאן) דאס קיצלען, קיצלונג.

tit'illative *a.* (טיט'-אי-ליי-טיוו) קיצלענד.

tit'ivate *v.* (טיט'-אי-ווייט) אויספוצען; זיך אויספוצען, זיך צורעכט מאכען.

tit'lark *n.* (טיט'-לארק) די וויעזען-לערכע [א קליין פויגעלע ענליך צו א לערכע].

ti'tle *n. and v.* (טאיטל) א טיטול; די אויפשריפט אדער דער נאמען פון א בוך, פון א קאפיטעל א. ד. ג.; דאס טיטול-בלאט [דאס בלאט פון א בוך, אויף וועלכען עס איז געדרוקט דער נאמען פון בוך]; דער נאמען פון א בוך וואס ווערט פון איינבינדער אבגעשטעמפעלט אויף'ן רוקען; די איבערשריפט פון א דאקומענט; אן אבטיילונג אדער אבשניט פון א געזעץ-בוך; דער גראד פון פיינקייט אדער גוטקייט [בעזאנדערס די צאהל קאראט דורך וועלכער די גוטקייט פון גאלד ווערט אויסגעדריקט]; א רעכט, א רעכטס-אנשפרוך, א רעכטס-פרעטענזיע; א רעכטס-פריווילעגיע; א גע'ירש'ענטעס אדער ערווארבענעס רעכט; א קאנצעסיע; בעזיץ-רעכט, אייגענטומס-רעכט; א רעכטס-דאקומענט, א רעכטס-פאפיער; רופען מיט א טיטול; טיטולירען; בעטיטלען, געבען א טיטול אדער נאמען; אבשטעמפלען דעם נאמען פון א בוך אויף זיין רוקען; געבען א קאנצעסיאנס-רעכט, געבען א רעכטס-פריווילעגיע.

ti'tled *a.* (טאיטלד) וואס האט א טיטול; וואס האט א טיטול פון אן אדעליגען.

ti'tle-deed *n.* (טאי'טל-דיעד) א רעכטס-דאקומענט, א רעכטס-פאפיער [א דאקומענט וועגען בעזיץ-רעכטען]; א בעשטעטיגונג פון א רעכט אויף עטוואס.

ti'tle-leaf *n.* (טאי'טל-ליעף) ז. *title-page*.

ti'tleless *a.* (טאי'-טל-לעס) אהן א טיטול, אהן א נאמען; אומבערעכטיגט.

ti'tle-let'ter *n.* (טאי'טל-לעט'-ער) טיטול-בוכשטאבען [די בוכשטאבען וועלכע ווערען בענוצט צום דרוקען דעם טיטול אדער נאמען פון א בוך].

ti'tle-page *n.* (טאי'טל-פיידזש) דאס טיטול-בלאט פון א בוך וואו עס איז גע-

דרוקט דער נאמען פון בוך, דער נאמען פון מחבר, פון ארויסגעבער א. ד. ג.; דאס שער=בלאט.

tit'ler *n.* (טיט'-לער) א גרויסער הוט צוקער.

ti'tle rôle (טאיטל ראול) די טיטול=ראלע [די ראלע אין א טעאטער=שטיק וואס טראגט דעם נאמען פון דעם שטיק, צ. ב. די ראלע פון האמלעט אין "האמלעט" אדער די ראלע פון נארא אין "נארא" א. ד. ג.].

ti'tle-sheet *n.* (טאי'טל-שיעט) דאס פאדער=בלאט פון א בוך, וואו עס איז געדרוקט דער נאמען פון בוך; דאס שער=בלאט.

ti'tle-type *n.* (טאי'טל-טאיפ) ז. *title-letter*.

ti'tling *n.* (טאי'-טלינג) דאס אויפשטעמפלען דעם נאמען פון א בוך אויף'ן רוקען.

tit'ling *n.* (טיט'-לינג) א קליין פויגעלע; די וויעזען=לערכע [ז. *titlark*].

tit'mouse *n.* (טיט'-מאוס) די מייזע אדער סיניצע [א קליינער זינג=פויגעל מיט זעהר א קורצען שנאבעל און מיט א לאנגען עק].



Titmouse

tit'rate *v.* (טיט'-רייט) טיטרירען, בעשטימען די מאס אדער די ווירקונגס=קראפט פון א שטאף אין א כעמישער פערבינדונג דורך דעם, וואס עס ווערט צו דיעזער פערבינדונג צוגעגעבען א בעשטימטע כעמישע פליסיגקייט פון א געוויסער מאס, אום צו זעהן וועלכע ענדערונגען עס קומען פאר אין דעם שטאף וואס דארף בעשטימט ווערען.

titra'tion *n.* (טי-טריי'-שאן) דאס טיטרירען. ז. *titrate*.

tit'ter *v. and n.* (טיט'-ער) זיך וויעגען, זיך הוידען; כיכיקען, לאכען מיט אן איינגעהאלטענער שטימע; אן איינגעהאלטענער געלעכטער, א כיכיקעריי; דאס כיכיקען; אזא גראז.

tit'terer *n.* (טיט'-ער-ער) א לאכער, א לאכערקע, איינער אדער איינע וואס כיכיקעט.

tit'ter-tot'ter *v. and adv.* (טיט'-ער-טאט'-ער) זיך וויעגען, זיך הוידען; זיך וויעגענדיג, זיך הוידענדיג.

tit'tivate *v.* (טיט'-אי-וויט) ז. *titivate*.

tit'tle *n.* (טיטל) א קלייניגקייט, א גארנישט; א שטריך איבער א ווארט אדער א פונקט אויף א בוכשטאב.

tit'tlebat *n.* (טיט'ל-בעט) ז. *stickleback*.

tit'tle-tat'tle *v., n. and a.* (טיט'ל-טעט'ל) פלוידערען; פוסטע דבורים, פלוידעריי; א פלוידערזאק; פלוידערענד.

tit'tle-tat'tling *n.* (טיט'ל-טעט'-לינג) דאס פלוידערען; פוסטע דבורים.

tit'tup *v. and n.* (טיט'-אפ) טאנצען, שפרינגען, לויפען גאלאפ; א טאנצעריי, א שפרינגעריי, א גאלאפ.

tit'tuppy *a.* (טיט'-אפ-אי) פרעהליך, לעבעדיג, לוסטיג, שפרינגענד, טאנצענד; שאקעלדיג; קיצעלדיג.

tit'ty *n.* (טיט'-אי) א ציצקע, א ברוסט.

tit'ubate *v.* (טיט'-יו-בייט) זיך וויעגען, זיך שאקלען.

tituba'tion *n.* (טיט-יו-ביי'-שאן) דאס וואנקען, דאס שאקלען זיך; דאס וויעגען זיך; אונרוהיגקייט, דאס ניט קענען איינזיצען אדער איינשטעהן אויף איין ארט [אלס קראנקהייט].

tit'ular *a. and n.* (טיט'-יו-לאר) טיטולאר, וואס געהערט צו א טיטול; בעטיטעלט; וואס איז בלויז אין טיטול, וואס האט בלויז דעם טיטול; נאמינעל, זאגענאנט; וואס טראגט דעם נאמען; וואס גיט דעם נאמען; איינער וואס האט א טיטול; א בעאמטער, אן אמטס=בעזיצער; איינער וואס האט אנשפרוך אויף א רעכט אדער פריווילעגיע; איינער וועמענס נאמען ווערט בענוצט אלס טיטול.

tit'ular bish'op (טיט'-יו-לאר ביש'-אפ) א טיטולאר=בישאף [א בישאף וואס טראגט דעם נאמען פון אן אמאליגען בישאפליכען זיץ אין די לענדער וואו די קריסטליכע קירך האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס די הערשענדע, בעזאנדערס אין די מאכמעדאנישע לענדער].

tit'ular church (טיט'-יו-לאר טשוירטש) איינע פון די געמיינדע=קירכען אין רוים, וועמענס נעמען עס ווערען בענוצט אין די טיטלען פון קארדינאלען אדער בישאפען.

titular'ity *n.* (טיט-יו-לער'-אי-טי) א בלויזער טיטול; דאס זיין טיטולאר; דאס זיין בעטיטעלט.

tit'ularly *adv.* (טיט'-יו-לאר-לי) בלויז לויט דעם טיטול; אין בעצוג צו דעם טיטול; נאמינעל, זאגענאנט.

tit'ular of'fice (טיט'-יו-לאר אפ'-איס) אן עהרען=אמט.

tit'ulary *a. and n.* (טיט'-יו-לע-רי) טיטולאר, וואס האט א טיטול, וואס געהערט צו א טיטול; וואס איז בלויז לויט דעם טיטול; א בעאמטער; אן אמטס=בעזיצער; איינער וואס האט א טיטול; איינער וואס האט א רעכט אויף עפעס.

tit'up *v. and n.* (טיט'-אפ) ז. *tittup*.

tit'uppy *a.* (טיט'-אפ-אי) ז. *tittuppy*.

tit'-war'bler *n.* (טיט'-הוואהר'-בלער) אזא זינג=פויגעל. ז *titmouse*.

tiv'er *n.* (טיוו'-ער) אזא זארט רויטע קרייד וואס ווערט בענוצט אין געוויסע טיילען פון ענגלאנד צו מאכען צייכענס אויף שעפסען.

tiv'y *adv.* (טיוו'-אי) גיך, געשווינד, לעבעדיג [א יעגערשער אויסדרוק].

tiz'zy *n.* (טיז'-אי) א סיקספענס. ז. *sixpence*.

T-joint *n.* (טי'-דזשאינט) א פערבינדונג פון צוויי שטיקער אין דער פארם פון א **T**.

tme'ma *n.* (טמי'-מא) אן אבטיילונג, אן אבשניט.

tme'sis *n.* (טמי'-סיס) אין גראמאטיק—א טמעזיס, א צוטיילונג פון א צוזאמענגעזעצטען ווארט אין צוויי טיילען צווישען וועלכע עס ווערט ארייינגעשטעלט איינס אדער מעהרערע ווערטער. צ. ב. אין דעם זאץ "Of whom be thou ware also" אנשטאט "Of whom beware thou also"

to *prep. and adv.* (טו) צו; אויף; נאך, קיין; ביז, ביז צו, ביז נעגען, ביז אויף; נעגען; אום צו; פערהעלטנים צו; אין פערגלייך; לויט, נאך; פאר; הין.

toad *n.* (טאוד) א זשאבע, א פראש; אן עקעלהאפטע פערזאן אדער זאך.

Toad

toad'back *n.* (טאוד'-בעק) א געוויסער זארט קארטאפעל.

toad'-ea'ter *n.* (טאוד'-איע'-טער) א חונף, א שמייכלער, א טעלער=לעקער; א געמיינער יונג; א מענש, וועלכער שטעהט אויס יעדע ערנידערונג; א פרעש=עסער [א מענש וואס איז גדונגען פון א שארלאטאן א רופא צו שלינגען כלומר'שט גיפטיגע פרעש אום צו בעווייזען דעם המון ווי אזוי ער ראטעוועט א מענשען פון פערגיפטונג].

toad'-ea'ting *n. and a.* (טאוד'-איע'-טינג) שמייכלעריי, חניפה, דאס זיין אונטערלעקעריש; שמייכלעריש, אונטערלעקעריש.

toad'-fish *n.* (טאוד'-פיש) דער ים=טייוועל [אזא פיש וואס געפינט זיך ביי די ברעגען פון די אייראפעאישע און אמעריקאנישע ימים. ז. איל]; דער פראש=פיש.



Toad-fish

toad'-flax *n.* (טאוד'-פלעקס) לייזן=קרויט [אזא אייראפעאישע און אמעריקאנישע פלאנצע מיט רויטע און אראנזשעווע בליהונגען].

toa'dish *a.* (טאו'-דיש) ווי א זשאבע, פראש=ארטיג, ווי א פראש.

toad'let *n.* (טאוד'-לעט) א פרעשעל.

toad'ling *n.* (טאוד'-לינג) ז. *toadlet*.

toad'stone *n.* (טאוד'-סטאון) א שטיין ענליך צו א פראש לויט דער פארם און קאליר און וועגען וועלכען מען האט געגלויבט אז ער בילדעט זיך אויס אין קערפער פון א פראש [אזא שטיין פלעגט דיענען אלס א טאליסמאן אדער קמיע]; אין געאלאגיע — אן ארט וואולקאנישע פעלזען וואס געפינען זיך שיכטענווייז אין איינינע נידריגע טיילען פון דער ערדקארע.

toad'stool *n.* (טאוד'-סטוהל) דער בלע־טער־שוואם [א מין גיפטיג שוועמעל, וואס וואקסט געוועהנליך אויף פוילענדע פלאנצען].

toa'dy *n. and v.* (טאו'-די) א חונף, א שמייכלער, א טעלער־לעקער; א מענש וואס שטעהט אוים פיעל ערנידערונגען; א פראסטע פרוי; זיך אונטערלעקען, זיך אונטערשמייכלען.

toa'dyish *a.* (טאו'-די-איש) אונטער־לעקעריש, שמייכלעריש.

toa'dyism *n.* (טאו'-די-איזם) חניפה, שמייכלעריי, טעלער־לעקעריי; געמיינהייט.

to a hair (טו ע העהר) אויף א האר; זעהר פינקטליך.

to'-and-fro' *a. and n.* (טו'-ענד-פראו') וואס בעוועגט זיך היין און צוריק, היין און צוריק; א בעוועגונג היין און צוריק.

toast *n. and v.* (טאוסט) א פענעץ ברויט וואס ווערט צוגעברוינט אויף'ן פייער; א טאסט, אן אויסרוף צו טרינ־קען פאר איינעמס געזונד אדער צו טרינ־קען "לחיים" פאר א געוויסער זאך; דאס טרינקען לחיים פאר אימעצען אדער עפעס; מאכען אדער ווערען ברוין אויף'ן פייער; טרינקען א טאסט, טרינקען לחיים אדער האלטען א רעדע בעים טרינקען לחיים פאר אימעצען אדער עפעס.

toas'ter *n.* (טאוס'-טער) איינער וואס ברוינט אדער בראט עפעס אויף'ן פייער; דאס בראט־אייזען; איינער וואס טרינקט אדער האלט א רעדע בעים טרינקען פאר אימעצענס געזונדהייט.

toas'ting *n.* (טאוס'-טינג) דאס ברוינען אדער בראטען עפעס אויף'ן פייער; טרינ־קען א טאסט, האלטען א טאסט. ז. ***toast***.

toas'ting-fork *n.* (טאוס'-טינג-פאהרק) אזא לאנגער גאפעל צו ברוינען אדער בראטען שטיקלעך ברויט אויף'ן פייער; א שווערד [אין שפאס].

toas'ting-glass *n.* (טאוס'-טינג-גלעס) א גלאז אדער בעכער, פון וועלכען מען טרינקט פאר איינעמס געזונדהייט.

toas'ting-i'ron *n.* (טאוס'-טינג-אי'-ערן) ז. ***toasting-fork***.

toast'master *n.* (טאוסט'-מעס-טער) א טאסט־מייסטער, דער פארזיצענדער אויף א מאהלצייט אדער באנקעט, וועל־כער רופט ארוים די רעדנער צו האלטען א טאסט.

toast'-rack *n.* (טאוסט'-רעק) א געשיר צו האלטען געברוינטעס אדער געבראטע־נעס ברויט אויף'ן טיש.

toast'-wa'ter *n.* (טאוסט'-הוואה'-טער) ברויט־וואסער [וואסער אין וועלכען גע־ברוינטעס ברויט איז געווייקט געווארען אלס א געטראנק פאר קראנקע].

toat *n.* (טאוט) דאס הענטעל פון א הובעל.

to a T (טו ע טי) גענוי אויף א האר; פינקטליך.

tobaccana'lian *n.* (טא-בעק-ע-ניי'-ליען) א טאבאק־שלינגער, איינער וואס רויכערט פיעל.

tobac'co *n.* (טא-בעק'-או) טאבאק, די טאבאק־פלאנצע.

tobac'co-box *n.* (טא-בעק'-או-באקס) א טאבאק־פושקע, א טאבאקערקע.

tobac'co-cut'ter *n.* (טא-בעק'-או-קאט'-ער) א מאשין צו שניידען טאבאק; א מעסער צו שניידען טאבאק.

tobac'co-gra'ter *n.* (טא-בעק'-או-גריי'-טער) א מאשין צו רייבען טאבאק.

tobac'co-heart *n.* (טא-בעק'-או-הארט) א טאבאק־הארץ [א הארץ־קראנקהייט פון צופיעל ברויכען טאבאק].

tobac'co-man *n.* (טא-בעק'-או-מען) ז. ***tobacconist***.

tobac'conist *n.* (טא-בעק'-א-ניסט) א טאבאק־הענדלער, א טאבאק־פאבריקאנט.

tobac'conize *v.* (טא-בעק'-א-נאיז) אנ־זאפען אדער אנזעטיגען מיט טאבאק־זאפט.

tobac'co-pipe *n.* (טא-בעק'-או-פאיפ) א טאבאק־פיפקע, א פיפקע צום רויכערען, א ליולקע; א ציבעק.

tobac'co-pouch *n.* (טא-בעק'-או-פאוטש) א טאבאק־בייטעל.

tobac'co-press *n.* (טא-בעק'-או-פרעס) א מאשין צוזאמענצודריקען טאבאק־בלע־טער אדער געריבענעם טאבאק אין צוזא־מענגעפרעסטע פעק אדער פעקלעך.

tobac'co seed (טא-בעק'-או סיעד) טא־באק־זאמען, טאבאק־זאט.

tobac'co-stick *n.* (טא-בעק'-או-סטיק) א שטעקען אדער שטאנג, אויף וועלכען מען הענגט אויף טאבאק־בלעטער צום טריקענען.

tobac'co-stop'per *n.* (טא-בעק'-או-סטאפ'-ער) א פיפקע־שטאפער [א שטא־פער אראבצודריקען דעם האלב־פערברענ־טען טאבאק אין א ליולקע אום עס זאל זיך בעסער רויכערען].

tobac'co-strip'per *n.* (טא-בעק'-או-סטריפ'-ער) א פערזאן וואס איז בעשעפ־טיגט מיט ארויסרייסען די מיטעלסטע אדע־רען אדער קארענעס פון טאבאק־בלעטער.

tobac'co-worm *n.* (טא-בעק'-או-הווארם) די לארווע פון א געוויסען זו־מער־פויגעלע, וואס ערנעהרט זיך פון וואקסענדע טאבאק־בלעטער און מאכט אין זיי אן אפט פיעל שאדען.

Tobacco-worm

to be had (טו בי העד) צו קריגען, צו בעקומען.

Liquor is not to be had in this town.

to'bine *n.* (טאו'-בין) טאבין [א זארט זיידען־צייג פאר פרויען־קליידער].

tobog'gan *n. and v.* (טא-באג'-ען) א טאבאגאן [א לייכטער שליטען, וואס בע־שטעהט פון א גלאטען ברייטען ברעט מיט אן ארויפגעבויגענעם ענד. ווערט בענוצט פון ספארטלייט אין קאנאדע און אין איי־ניגע טיילען פון די פעראייניגטע שטאא־טען אראבצוגליטשען זיך איבער'ן שנעע אדער אייז פון א הויכען בארג]; גליטשען זיך אויף א טאבאגאן.

tobog'gan-cap *n.* (טא-באג'-ען-קעפ) א וואלענעם היטעל וואס איז אויסגע־שטריקט ווי א זעקעל מיט אן אראנגעהאנ־גענעם שפיץ ווען מען טראגט עס אויף'ן קאפ.

tobog'ganer *n.* (טא-באג'-ען-ער) איי־נער וואס גליטשט זיך אויף א טאבאגאן. ז. ***toboggan***.

tobog'ganing *n.* (טא-באג'-ען-אינג) דאס גליטשען זיך בארג־אראב אויף א טא־באגאן. ז. ***toboggan***.

tobog'gan-slide *n.* (טא-באג'-ען-סלאיד) דער גליטש אראב א בארג, איבער וועלכען מען גליטשט זיך מיט א טאבא־גאן. ז. ***toboggan***.

tobog'gin *n.* (טא-באג'-אין) א טאבא־גאן. ז. ***toboggan***.

to'by *n.* (טאו'-בי) אן אלטפרענקישער ליימענער קריגעל, וואס איז געמאכט אין דער פארם פון א דיקען אלטען מאן וואס זיצט אויף א שטוהל און טרינקט ביער.

tocca'ta *n.* (טאק-קא'-טא) — אין מוזיק — א טאקאטא, א פארשפיעל, א פרעליודע.

toccatel'la *n.* (טאק-ע-טעל'-א) אין מו־זיק — אן איינפאכע טאקאטא. ז. ***toccata***.

toccati'na *n.* (טאק-ע-טי'-נא) ז. ***toccatella***.

tock *n.* (טאק) א מין הארן־פויגעל. ז. ***hornbill***.

tock'ay *n.* (טאק'-איי) א מין אסט־אינ־דישע יאשטשערקע.

to'co *n.* (טאו'-קאו) דער טוקאן [ז. ***toucan***]; שטראף, בעשטראפונג.

tocol'ogy *n.* (טא-קאל'-א-דזשי) טאקא־לאגיע, די לעהרע וועגען געבורטס־הילף, אקושערסטווע.

to-come' *n.* (טו-קאם') די צוקונפט.

tocque *n.* (טאק) ז. ***toque***.

toc'sin *n.* (טאק'-סין) א ליארם־גלאק, א שטורם־גלאק [א גלאק, מיט וועלכען מען קלינגט טרעוואגע]; די טרעוואגע וואס מען קלינגט מיט א גלאק.

tod *n.* (טאד) א טאד, אן אלטפרענקי־שעס געוויכט פון 28 פונט [ספעציעל צו וועגען וואל]; א קוסט, א קוסטארניק; א טרונק בראנפען.

to-day' *adv. and n.* (טו-דיי') היינט; דער איצטיגער טאג, די איצטיגע צייט.

today' *adv. and n.* (טו-דיי') ז. ***to-day***.

tod'dle *v. and n.* (טאדל) געהן שאק־לענדיג זיך, געהן מיט אונזיכערע טריט [ווי א קליין קינד]; דאס געהן שאקלענ־דיג זיך; א וואקלדינער גאנג.

tod'dler *n.* (טאד'-לער) איינער וואס געהט מיט שוואכע, אונזיכערע טריט [ווי א קליין קינד].

tod'dy *n.* (טאד'-אי) געצוקערטער שפירי־טוס מיט וואסער; אן אלקאהאלישער גע־טראנק; דער זאפט פון געוויסע פאלמען; אן אלקאהאלישער געטראנק פון דיעזען זאפט.

tod'dyman *n.* (טאד'-אי-מען) איינער וואס צאפט אן דעם זאפט פון געוויסע פאלמען און מאכט דערפון אן אלקאהאלי־שען געטראנק.

to-do' *n.* (טו-דוה') א ליארם וועגען קלייניגקייטען; א טומעל וועגען זאכען וואס זיינען נארנישט ווערטה.

to'dy *n.* (טאו'-די) דער פלאט־שנאבעל [א קליינער וועסט־אינדישער פויגעל מיט א לאנגען און פלאטשיגען שנאבעל].

toe *n. and v.* (טאו) א פוס־פינגער; די פאדערשטע קאפיטע ביי טהיערע; דער שפיץ פון א זאק, פון א שוך, וואס בע־דעקט די פינגער; דאס פאדערשטע שטי־קעל אייזען, וואס שטארצט ארוים פון א פערד'ס פאדקאווע; דערגרייכען עפעס אדער אנריהרען מיט די פינגער פון די פיס; צומאכען אן ענד וואס זאל בעדע־קען די פינגער [ווי אין א זאק]; זיך בעוועגען אדער זיך שטעלען אויף די פינ־גער [ווי בעים טאנצען].

toe a nail (טאו ע נייל) אריינשלאגען א נאגעל שרעג.

toe a seam (טאו ע סיעם) שטעלען אויף'ן דעק פון שיף מיט די פינגער צווי־שען די שפאלטען פון די ברעטער [אן ארט בעשטראפונג פון מאטראזען].

toe'-cap *n.* (טאו'-קעפ) א בלעטעל פון לעדער אדער מעטאל וואס בעדעקט דעם שפיץ פון א שוך.

toed *a.* (טאוד) מיט פינגער אויף די פיס; וואס האלט זיך דורך שרעג אריינגעשלאגענע נעגעל [וועגען א באלקען אדער ברעט וואס איז צוגעשטעלט צו אן אנדער באלקען אדער ברעט].

toe'-drop *n.* (טאו'-דראפ) די אונפעהיגקייט אויפצוהויבען דעם פוס אדער די פינגער [ווי פון א פאראליז].

toe in (טאו אין) געהן מיט די פינגער געבויגען נאך אינווענינ.

toe'less *a.* (טאו'-לעס) אהן פוס=פינגער.

toe'-nail *n.* (טאו'-נייל) א נאגעל פון א פוס=פינגער; א נאגעל אדער טשוואק וואס ווערט אריינגעשלאגען שרעג.

toe out (טאו אוט) געהן מיט די פינגער געבויגען ארויס=צו.

toe'-piece *n.* (טאו'-פיעס) ז. *toe-cap*

toe'-ring *n.* (טאו'-רינג) א רינג וואס ווערט געטראגען אויף דעם פינגער פון פוס [ווי ביי געוויסע פעלקער, וואו מען געהט בארוועס אדער מען טראגט סאנדאלען].

toe the mark (טאו טהי מארק) 1. שטעהן אנריהרענדיג מיט די פינגער די ליניע, וואס איז אנגעצייכענט פאר א געוויסען ציעל [ווי א מאן וואס שטעהט הארט נעבען דעם ארט פון וואנען ער דארף א שפרונג טהאן]; 2. טהאן עפעס אדער ערפילען עפעס אונטער אלע אומשטענדען.
2. The teacher is a strong disciplinarian. He makes his pupils toe the mark.

toe the scratch (טאו טהי סקרעטש) זיין גרייט ארויסצוטרעטען געגען דעם אפאנענט אדער געגנער.

to'fall *n.* (טוה'-פאהל) דער אונטערגאנג; דער סוף; א נעבען=געביידע, א צובוי.

toft *n.* (טאהפט) אן ארט בעפלאנצט מיט בוימער; א הויז מיט דעם ארומיגען גרונט און נעבען=געביידען; אן ארט וואו פריהער איז געשטאנען א הויז.

toft'stead *n.* (טאהפט'-סטעד) א הויז מיט'ן ארומיגען גרונט און מיט די נעבען=געביידען.

tog *v. and n.* (טאג) זיך אנקליידען, זיך אנטהאן; א קלייד, א מלבוש.

to'ga *n.* (טאו'-גא) די טאגא, אזא אויבער=מאנטעל ביי די פארצייטיגע רוימער.

Toga

to'gaed *a.* (טאו'-גאד) אנגעקליידעט מיט א טאגא. ז. *toga*

to'gated *a.* (טאו'-גיי-טעד) אנגעקליידעט מיט א טאגא [ז. *toga*]; מאיעסטעטיש, שטאלץ.

to'ged *a.* (טאו'-געד) ז. *togated*

togeth'er *adv.* (טו-געטה'-ער) צוזאמען, אינאיינעם; אין דעם זעלבען פלאץ; אין דערזעלבער צייט; נאכאנאנד, כסדר.

tog'gery *n.* (טאג'-ער-אי) קליידער, קליידונג.

tog'gle *n. and v.* (טאגל) א קנעבעל, א שטיפט אדער שטענגעל וואס ווערט דורכגעשטעקט דורך דעם שלייף אדער קנופ פון א שטריק, אז ער זאל זיך האלטען אין זיין ארט; א שטיפט וואס ווערט דורכגעשטעקט דורך די שלייפען פון צוויי שטריק, כדי זיי צו האלטען צוזאמען; א שטיפט אדער שטענגעל וואס ווערט אנגעבונדען אין מיטען צו א שטריק אדער קייט אום אנצוהענגען אויף איהם אן אנדער שטריק אדער קייט [דורך דעם וואס מען נעהמט דורך דעם שטיפט דורך דעם שלייף פון שטריק אדער דורך א רינג פון דער קייט]; א קניע=געלענק [ז. *toggle-joint*]; אזא הארפון צו פאנגען וואלפיש [ז. *toggle-iron*]; בעפעסטיגען אדער בעזארגען מיט א קנעבעל; האלטען פעסט; דורכשטעכען מיט א הארפון.

tog'gle-chain *n.* (טאג'ל-טשיין) אזא קורצע קייט מיט צוויי גרעסערע רינגען ביי די ענדען. צו דיעזער קייט איז צו איין ענד בעפעסטיגט אזא האקען [קרוטשאק] אויף א קייטעל.

tog'gle-i'ron *n.* (טאג'ל-אי'-ערן) אזא הארפון צו פאנגען וואלפיש, וואס האט א בעוועגליכען קלינג, וועלכער איז דורכגעשטעקט דורך א לאך פון דעם הארפון ניט ווייט פון זיין שפיץ [דיעזער בעוועגליכער קלינג, ווען ער געהט אריין אין דעם קערפער פון וואלפיש קען אוועקגעשטעלט ווערען פאר קווער].


Toggle-iron

tog'gle-joint *n.* (טאג'ל-דזשאינט) א קניע=געלענק [א געלענק אין דער פארם פון א קניע וואס ווערט געמאכט פון צוויי פלאטען אדער שטאבעס וועלכע ווערען פעראייניגט דורך א ניעט, זאוויעסע אדער שארניער].


Toggle-joint

tog'gle-press *n.* (טאג'ל-פרעס) א פרעס וואס דער דרוק ווערט אויסגעפיהרט דורך א קניע=געלענק [ז. *toggle-joint*], וועלכער איז פערבונדען מיט א שרויף.


Toggle-press

to'hu bo'hu (טאו'-הוה באו'-הוה) תהו=ובהו, א כאאס, א צומישונג.

toil *v. and n.* (טאיל) ארבייטען שווער, פראצעווען, הארעווען; געהן לאנגזאם פארווערטס דורך מיה און מאטערניש; שווערע ארבייט, הארעוואניע, פראצע; אן ארבייט וואס איז פערפערטיגט געווארען דורך שווערער הארעוואניע; א נעץ.

toi'ler *n.* (טאי'-לער) אן ארבייטער, א הארעפאשניק, איינער וואס ארבייט שווער.

toi'let *n.* (טאי'-לעט) דאס קליידען זיך; די טואלעטע, די ארט פון איינעמס קליידען זיך; אן אנצוג; א טואלעט=טיש; אין כירורגיע — דאס אויסרייניגען אן ארגאן נאך אן אפעראציע; אן אבטרעט, א בית=הכסא, א וואטער=קלאזעט.

toi'let-cap *n.* (טאי'-לעט-קעפ) א היטעלע וואס מען טראגט ביים מאכען די טואלעטע [ביים אנקליידען זיך].

toi'let-cloth *n.* (טאי'-לעט-קלאהטה) א דעקע פאר דעם טואלעט=טיש.

toi'let-cov'er *n.* (טאי'-לעט-קאוו'-ער) ז. *toilet-cloth*

toi'let-cup *n.* (טאי'-לעט-קאפ) א טאס אדער שיסעל וואס ווערט בענוצט ביי מאכען די טואלעטע.

toi'let-glass *n.* (טאי'-לעט-גלעס) א שפיגעל אויף דעם טואלעט=טיש.

toi'let-pa'per *n.* (טאי'-לעט-פיי'-פער) פאפיער וואס ווערט בענוצט אין אבטרעט אדער בית=הכסא.

toi'let-quilt *n.* (טאי'-לעט-קהווילט) אזא ליילעך וואס דיענט צו בעדעקען דעם טואלעט=טיש.

toi'let-room *n.* (טאי'-לעט-רוהם) אן אבטרעט, א בית=הכסא, א וואטער=קלאזעט.

toi'let-ser'vice *n.* (טאי'-לעט-סויר'-ווים) ז. *toilet-set*

toi'let-set *n.* (טאי'-לעט-סעט) די כלים אדער געשיר וואס ווערען געברויכט אין א טואלעט=צימער.

toi'let-soap *n.* (טאי'-לעט-סאופ) טואלעט=זייף, א גוטער זארט זייף צום וואשען זיך.

toi'let-ta'ble *n.* (טאי'-לעט-טיי'בל) א טואלעט=טיש.

toilette' *n.* (טאי-לעט') ז. *toilet*

toil'ful *a.* (טאיל'-פול) ארבייטזאם, מיהזאם.

toil'fully *adv.* (טאיל'-פול-אי) אויף אן ארבייטזאמען, מיהזאמען שטייגער.

toilinet' *n.* (טאי-לי-נעט') ז. *toilinette*

toilinette' *n.* (טאי-לי-נעט') אן ארט האלב וואלענעם און האלב באוועלנעם אדער זיידענעם צייג.

toil'less *a.* (טאיל'-לעס) מיהלאז, אהן מיה, אהן הארעוואניע.

toil'some *a.* (טאיל'-סאם) מיהזאם, שווער; וואס פאדערט שווערע ארבייט.

toil'somely *adv.* (טאיל'-סאם-לי) אויף אן ארבייטזאמען, מיהזאמען שטייגער.

toil'someness *n.* (טאיל'-סאם-נעס) מיהזאמקייט, שווערקייט, ארבייטזאמקייט.

toil'-worn *a.* (טאיל'-הוואורן) אויסגעמאטערט פון שווערער ארבייט.

toise *n.* (טאיז) א קלאפטער אדער א טאיזע [א פראנצויזישע לענג=מאס פון אונגעפעהר 6½ ענגלישע פוס].

toi'son *n.* (טאי'-זאן) די וואל פון א שעפס.

to'ka *n.* (טאו'-קא) די טאקא, א מין געווערה אין דער פארם פון אן אויסגעבויגענער רובינע וואס ווערט געברויכט ביי די איינוואהנער פון די פידזשי=אינזלען.

Tokay' *n.* (טא-קיי') טאקייער וויין; א זארט וויינטרויבען.

to'ken *n. and v.* (טאוקן) א צייכען, א סמן; א ציינגים, א בעווייז; אן אנדייטונג אויף עפעס, א סימבאל; א סיגנאל; אן ערינערונגס=צייכען, א סואוועניר; א מין געלד=מארקע אין דער פארם פון א מעטאלענער מטבע, וואס פריוואטע סוחרים לאזען צייטענווייז ארוים אהן דער סאנקציאן פון דער רעגיערונג; א כאראקטעריסטישער שטריך אדער בעצייכנונג פון עפעס; א האלבער ריעם פאפיער; אנדייטען, דיענען אלס א סמן פון עפעס.

to'kenless *a.* (טאו'קנ-לעס) אהן א צייכען, אהן א סמן.

tokol'ogy *n.* (טא-קאל'-א-דזשי) ז. *tocology*

tol'booth *n.* (טאול'-בוהטה) א טורמע, אן אסטראג, א געפענגנים, א תפיסה.

told (טאולד) דערצעהלט, געזאגט. ז. *tell*

tole *v.* (טאול) צוציהען; פערנארען, פערפיהרען [דורך פאלשע האפנונגען].

Tolé'do *n.* (טא-לי'-דאו) די שטאדט טאלעדא [אין שפאניען]; א שווערד געמאכט אין טאלעדא, א טאלעדא=שווערד [דער בעסטער זארט שווערדען].

tolerabil'ity *n.* (טאל-ע-רע-ביל'-אי-טי) ערטרעגליכקייט; דאס קענען געדולדעט ווערען; מיטעלמעסיגקייט; נישט=קשה'דיגקייט.

tol'erable *u.* (טאל'-ע-רעבל) וואס מען קען טאלערירען, וואס מען קען דולדען; דולדליך, ערטרעגליך; מיטעלמעסיג גוט, נישט=קשה'דיג; ניט נייע, ניט אריגינעל; וואס קען דורכגעהן, וואס קען דורכגעלאזען ווערען; צימליך געזונד.

tol'erableness *n.* (טאל'-ע-רעבל-נעס) ז. ***tolerability***.

tol'erably *adv.* (טאל'-ע-רע-בלי) אויף אן ערטרעגליכען שטייגער; אויף אן אופן דאס מען קען עס דולדען.

tol'erance *n.* (טאל'-ע-רענס) טאלעראנץ, דולדונג; דאס קענען אויסהאלטען אדער אריבערטראגען; דאס טאלערירען, דאס דולדען; אין מעדיצין — דאס קענען ביישטעהן א פערגיפטונג.

tol'erant *a. and n.* (טאל'-ע-רענט) טאלעראנט, דולדזאם, וואס דולדעט; אין מעדיצין — פעהיג אויסצוהאלטען אדער אריבערצוטראגען [א פערגיפטונג, א פעסט]; איינער וואס איז טאלעראנט אדער דולדזאם.

tol'erantly *adv.* (טאל'-ע-רענט-לי) אויף א טאלעראנטען, דולדזאמען שטייגער.

tol'erate *v.* (טאל'-ע-רייט) טאלערירען, דולדען, פערטראגען.

tolera'tion *n.* (טאל-ע-ריי'-שאן) דולדונג, דולדזאמקייט; טאלעראנץ, דאס דולדען א גלויבען אדער מיינונג וואס שטימט ניט מיט דעם אייגענעם גלויבען אדער מיינונג; אין מעדיצין — דאס קענען אויסהאלטען א פערגיפטונג.

to let (טו לעט) לאזען, אבלאזען; פערדינגען.

toll *n. and v.* (טאול) א טאקסע אדער שטייער וואס ווערט געצאהלט פאר א געוויסער פריווילעגיע אדער ערלויבניש [ווי פאר פאהרען איבער א שאסעע, פאר אריבערפאהרען א בריק, פאר דורכפיהרען שיפען דורך א קאנאל א. ד. ג.]; די סומע וואס ווערט געצאהלט דעם אייגענטימער פון א מארק אדער יאריד=פלאץ, פאר שטעלען דארטען א צייטווייליגעם ביידעל אדער קרעמעל צו פערקויפען סחורות; א בעשטימטע מאס תבואה וואס ווערט אבגענעמען דעם מילנער פאר ערלויבען צו מאהלען אויף זיין מיהל; דאס לאנגזאמע און רעגעלמעסיגע קלינגען פון א גלאק; צאהלען א בעשטימטען שטייער פאר א פריווילעגיע אדער ערלויבניש; ארויפלעגען א צאל אדער שטייער; צוציהען; אריינגארען, פערפיהרען; קלינגען אין א גלאק מיט לאנגזאמע רעגעלמעסיגע קלאנגען [ווי ביים צוזאמענרופען אין קירך צו א גאטעסדיענסט, ביי א קריסטליכע לויה א. ד. ג.]; אנקלינגען ווענען עפעס, ארויסרופען די אויפמערקזאמקייט צו עפעס דורך דעם קלאנג פון א גלאק; אין יוריספרודענץ — אוועקנעהמען אדער אנולירען דאס רעכט צו פערנעהמען אן אייגענטום.

toll'able *a.* (טאול'-עבל) צאל=פפליכטיג; פאר וואס עס דארף געצאהלט ווערען א טאקסע אדער שטייער.

toll'age *n.* (טאול'-עדזש) צאל, שטייער; די סומע וואס דארף אבגעצאהלט ווערען פאר א געוויסער פריווילעגיע אדער ערלויבניש.

toll'-bar *n.* (טאול'-באר) א שלאגבוים, א ראגאטקע [א לאנגער שטאנג אדער קלאץ, וואס ווערט אראבגעלאזען קווער איבער א וועג ניט דורכצולאזען די רייזענדע איידער זיי צאהלען אב די נויטיגע טאקסע אדער שטייער].

toll'-book *n.* (טאול'-בוק) א בוך, וואו עס ווערען אריינגעשריבען די אריינגעבראכטע סחורות אויף א יאריד, פאר וועלכע מען דארף צאהלען א טאקסע אדער שטייער.

toll'booth *n. and v.* (טאול'-בוהטה) א געפענגניס, א טורמע; אריינזעצען אין טורמע.

toll'-bridge *n.* (טאול'-ברידזש) א בריק, וואו מען דארף צאהלען א געוויסע טאקסע אדער שטייער פאר דורכגעהן אדער דורכפאהרען איהם.

toll'-collec'tor *n.* (טאול'-קא-לעק'-טאר) א שטייער=זאמלער, א בעאמטער וואס מאהנט אויף דעם שטייער פאר א געוויסער פריווילעגיע אדער רעכט; א פארריכטונג צו פערצייכנען די צאהל דורכגעהער אדער דורכפאהרער פערביי א קרייץ=דרעה [ז. ***turnstile***].

toll'-corn *n.* (טאול'-קאהרן) די מאס תבואה וואס א מילנער בעקומט פאר מאהלען תבואה אין זיין מיהל.

toll'-dish *n.* (טאול'-דיש) א מעסטעל, מיט וועלכען דער מילנער מעסט דעם טייל תבואה וואס ער בעקומט פאר מאהלען איינעמס תבואה אין זיין מיהל.

toll'er *n.* (טאול'-ער) א שטייער=זאמלער, א בעאמטער וואס מאהנט אויף שטייערען; אזא יאגד=הונד; איינער וואס קלינגט אין א גלאק.

toll'-free *a.* (טאול'-פריע) צאל=פריי; וואס דארף ניט צאהלען קיינע שטייערען.

toll'-gate *n.* (טאול'-גייט) א צאל=טויער [א ראגאטקע ביי וועלכער עס ווערט אבגעצאהלט די טאקסע אדער שטייער פאר דורכפאהרען אדער דורכפיהרען עפעס].

toll'-gath'erer *n.* (טאול'-געטה'-ער-ער) ז. ***toll-collector***.

toll'house *n.* (טאול'-האוס) א צאל=הויז, דאס הויז נעבען א ראגאטקע וואו מען צאהלט אב שטייערען.

toll'ing *n.* (טאול'-אינג) דאס קלינגען אין א גלאק; די לאנגזאמע און מאנאטאנע קלינגעריי פון א גלאק [ווי פון א קירכען=גלאק]; אן ארט פון צוציהען אדער אריינגארען דאס רויב [ווי ביי א פויגעל=יאגד אדער ביים פאנגען פיש].

toll'-man *n.* (טאול'-מען) א מענש וואס איז אנגעשטעלט ביי א שלאגבוים אדער ראגאטקע; א צאל=איינגעהמער.

tol-lol' *a.* (טאל-לאל') צימליך גוט; נישט=קשה'דיג.

tol-lol'ish *a.* (טאל-לאל'-איש) ערטרעגליך; נישט=קשה'דיג.

to'lo *n.* (טאו'-לאו) ז. ***koodoo***.

Tol'tec *n.* (טאל'-טעק) א טאלטעק, איינער פון די טאלטעקען [א פאלק, וואס האט — לויט דער טראדיציאן — געהערשט אמאל אין מעקסיקא און איז שפעטער בעזיגט געווארען פון די אצטעקען].

tolu' *n.* (טא-ליו') טאלו=באלזאם [דער זאפט פון דעם אמעריקאנישען טאלו=בוים, וועלכער ווערט געברויכט אין מעדיצין און אין פארפיומען].

tolu'ic *a.* (טא-ליו'-איק) געמאכט פון טאלו=באלזאם; וואס איז שייך צו טאלו=באלזאם. ז. ***tolu***.

tolu'-tree *n.* (טא-ליו'-טריע) דער טאלו=בוים אדער דער טאלו=באלזאם בוים [א זיד=אמעריקאנישער בוים, וועלכער גיט ארויס דעם טאלו=באלזאם]. ז. ***tolu***.

tom *n.* (טאם) אן "ער", א זכר; א קאטער; אזא מאשין צו וואשען גאלד=ערץ.

tom'ahawk *n. and v.* (טאם'-ע-האהק) א טאמאהאק [א קריעגס=האק ביי די אמעריקאנישע אינדיאנער]; שלאגען אדער טויטען מיט א טאמאהאק.



Tomahawks

tomal'ley *n.* (טא-מעל'-אי) קרעבס=לעבער [אזא פעטער, ווייכער לעבער=ענליכער קערפער=טייל פון א קרעבס אדער ראק].

tomal'line *n.* (טא-מעל'-אין) ז. ***tomalley***.

tomal'ly *n.* (טא-מעל'-אי) ז. ***tomalley***.

toman' *n.* (טא-מאן') א טאמאן [אזא פערזישע מטבע אין ווערטה פון אן אמעריקאנישען דאלאר און 76 סענט].

toma'to *n.* (טא-מיי'-טאו) א טאמאטא, א פאמידאר, א פאטלאזשאן.

toma'to-plant *n.* (טא-מיי'-טאו-פלענט) די טאמאטען=פלאנצע [די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען פאמידארען אדער פאטלאזשאנעס].

Tomato-plant

toma'to-sauce *n.* (טא-מיי'-טאו-סאהס) טאמאטען=סאוס, טאמאטען=זופ.

toma'to-sphinx *n.* (טא-מיי'-טאו-ספינקס) דער טאמאטען=אינזעקט [אן אינזעקט, וועמענס לארווא אדער ווערימלעך ערנעהרען זיך פון די בלעטער פון דער טאמאטען=פלאנצע].

toma'to-worm *n.* (טא-מיי'-טאו-הוואירם) דער טאמאטען=ווארים [די לארווא פון דעם טאמאטען=אינזעקט]. ז. ***tomato-sphinx***.

tomaun' *n.* (טא-מאהן') ז. ***toman***.

tomb *n. and v.* (טוהם) א קבר; א קבר=געוועלב; א קברים=שטיבעל; א מאוזאלעאום, א קברים=דענקמאל; א קעמערעל אין א קאטוילישער קירך, וואו מען האלט די ביינער פון הייליגע; דער טויט; בעגראבען, מקבר זיין.

tom'bac *n.* (טאם'-בעק) טאמבאק [אזא מעטאל געמישט פון קופער און צינק].

tom'bak *n.* (טאם'-בעק) ז. ***tombac***.

tomb'-bat *n.* (טוהמ'-בעט) די קברים=פלעדערמויז [אזא פלעדערמויז וואס האלט זיך צווישען קברים].

tomb'-house *n.* (טוהמ'-האוס) א קברים=

שטיבעל, א מאוזאלעאום, א קברים־דענק־מאל.

tomb'less *a.* (טוהמ'-לעס) אהן א קבר, ניט בעערדיגט.

tom'boc *n.* (טאמ'-באק) א מין שפיזע, וואס ווערט געברויכט פון די איינוואהנער פון אינזעל יאווא.

tom'bola *n.* (טאמ'-בא-לא) א מין לאטעריי־שפיעל.

tom'boy *n.* (טאמ'-באי) א ווילדעס, צולאזענעס מיידעל.

Tombs *n.* (טוהמז) די טומז [א געפענג־ניס אין ניו יארק].

tomb'stone *n.* (טוהמ'-סטאון) א מצבה.

tom'-cat *n.* (טאמ'-קעט) א קאטער.

tom'cod *n.* (טאמ'-קאד) אזא קליינער עסבארער פיש.

tome *n.* (טאום) א טאם, א באנד, א בע־זונדערער טייל פון א בוך.

tome'let *n.* (טאומ'-לעט) א קליינער באנד, א בענדעל. ז. *tome*

to'ment *n.* (טאו'-מענט) ז. *tomentum*

tomen'tose *a.* (טא-מענ'-טאוס) פילציג, וואליג, קנויליג [וועגען די הערעלעך אויף פלאנצען אדער אינזעקטען]; פוכיג, וואַ־ליג [וועגען געוויסע טיילען פון מארך].

tomen'tous *a.* (טא-מענ'-טאס) ז. *tomentose*

tomen'tum *n.* (טא-מענ'-טאם) פילציג־קייט, קנויליגקייט, וואליגקייט [וועגען די הערעלעך פון פלאנצען און אינזעקטען אדער וועגען דעם אויסזעהן פון געוויסע טיילען פון מארך].

tom'fool' *n. and v.* (טאמ'-פוהל') א נאר; איינער וואס בענעהט נארישקייטען; א מין פויגעל פון יאמאיקא [וועלכער זאגט אן רעגען מיט זיינע געשרייען. ז. *rain-bird*]; האנדלען נאריש, אבטהאן נארישקייטען.

tom'foo'lery *n.* (טאמ'-פוה'-לער-אי) נארישקייט; נארישע אדער לעבערליכע אויפפיהרונג; נארישקייטען, קליינינקייטען.

to'mia *n.* (טאו'-מי-א) די ברעגען פון א פויגעל'ס שנאבעל. ז. *tomium*

to'min *n.* (טאו'-מין) א יאוועליר־געוויכט פון 12 גראן.

to'mium *n.* (טאו'-מי-אם) דער ברעג פון א פויגעל'ס שנאבעל.

tom'john *n.* (טאמ'-דזשאן) ז. *tonjon*

tom'my *n. and v.* (טאמ'-אי) ברויט; פראוויזיע, שפייזען; א קראם, פון וועל־כער ארבייטער קריגען פאר זייער ארבייט פראדוקטען אנשטאט געלד; דאס צאהלען ארבייטער ניט מיט געלד, נאר מיט פער־שיעדענע פראדוקטען; א קאטער; אזא שרויף־געצייג; צווינגען ארבייטער צו נעהמען פאר זייער ארבייט פראוויזיע אנ־שטאט געלד; בעשווינדלען ארבייטער דורך דעם וואס מען צווינגט זיי צו נעה־מען פאר זייער ארבייט פראוויזיע אנ־שטאט געלד.

tom'my-nod'dy *n.* (טאמ'-אי-נאד'-אי) ז. *tom-noddy*

tom'my-shop *n.* (טאמ'-אי-שאפ) א קראם, וואו ארבייטער קריגען פאר זייער ארבייט פערשיעדענע פראדוקטען אנשטאט געלד.

tom'-nod'dy *n.* (טאמ'-נאד'-אי) א נאר, א דומקאפ; דער פאפוגאי־טויכער אדער דער ים־פאפוגאי [ז. *puffin*].

to-mor'row *adv. and n.* (טו-מאר'-או) מארגען; דער מארגען.

tomor'row *adv. and n.* (טו-מאר'-או) ז. *to-morrow*

tom'pion *n.* (טאמ'-פי-אן) א שטאפקע, א שטאפקע פון א קאנאנע.

Tom'-pi'per *n.* (טאמ'-פאי'-פער) א פייפער. ז. *piper*

tom'tit' *n.* (טאמ'-טיט') א קליין פויגעלע; אן אמייזע, א סיניצע [אזא פויגעלע. ז. *titmouse*].

tom'-tom *n. and v.* (טאמ'-טאם) אזא אינדישעס האנד־פייקעל; פויקען, פייקלען.

tom'-trot' *n.* (טאמ'-טראט') אזא צוקער־ווערק, אזא צוקערקע.

tom'-tur'key *n.* (טאמ'-טויר'-קי) אן אינדיק [אן "ער"].

ton *n.* (טאן) א טאן [א געוויכט פון 2000 אדער פון 2240 פונט; א מאס פון פערשיעדענער גרויס פאר פערשיעדענע גע־גענשטענדע, ווי למשל: 40 פוס פאר גע־הילץ, 20 בושעל פאר ווייץ; 40 קוביק־פוס פראכט־רוים אויף שיפען א. ז. וו.];

ton *n.* (טאן) די מאדע, דער הערשענדער טאן אדער מאדע; דער גוטער טאן, דער גוטער געשמאק.

to'nal *a.* (טאו'-נעל) וואס איז שייך צו טענער אדער טענער־הארמאניע; וואס איז שייך צו דער טאנען־סיסטעם אדער טאן־לייטונג.

tonal'ity *n.* (טא-נעל'-אי-טי) א טאנען־סיסטעם, טאן־לייטונג; אין מאלעריי — פערבינדונג פון פארבען, פארבען־הארמא־ניע.

to'nally *adv.* (טאו'-נעל-אי) אין בע־צוג צו דער טאנען־סיסטעם אדער טאן־לייטונג; הארמאניש.

to'-name *n.* (טו'-ניים) א ביינאמען, א צונאמען.

tone *n. and v.* (טאון) 1. א טאן, א מוזיקאלישער קלאנג; א קלאנג; 2. אינ־טאנאציאן, דער טאן, דער כאראקטער פון אויסדרוק אדער פון דער שטימע; 3. א געמאכטער אדער געקינסטעלטער טאן אין רעדען; דאס אונטערזינגען [ביים רעדען אדער לייענען]; 4. אין מעדיצין — די שפאן־קראפט אדער די קרעפטיגקייט פון קערפער; געזונדהייט; 5. שטימונג, לוי־נע; 6. דער טאן, דער באנטאן; דער גו־טער טאן; 7. דער כאראקטער, דער גייסט, די כאראקטעריסטישע אייגענשאפט; 8. אין מאלעריי — דער פארבען־עפעקט; 9. פאר־בונג, שאטירונג; 10. אין גראמאטיק — דער אקצענט; 11. צוגעבען א געוויסען טאן; צוגעבען א געוויסען פארבען־עפעקט; אננעהמען א געוויסען טאן אדער פאר־בען־עפעקט; אין פאטאגראפיע — ענדערען ביים רעטושירען די פארבונג פון א בילד; 12. רעדען אין א געמאכטען טאן אדער מיט א געמאכטען אויסדרוק; אונטערזינ־גען [ביים רעדען אדער לייענען]; 13. הארמאנירען [אין קלאנגען אדער פארבען]; אנשטעלען [א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

2. The **tone** in which she spoke became low and timid. 3. Every appearance of sing-song and **tone** must be avoided in reading poetry. 6. His presence gave **tone** to the gathering. 7. The debate was conducted in a light **tone**. 9. The marble is of a brilliant **tone**.

tone'-col'or *n.* (טאונ'-קאל'-אר) דער טעמבר, די קלאנג־שאטירונג. ז. *timbre*

toned *a.* (טאונד) 1. וואס האט א געוויסען טאן [געברויכט אין פערבינדונג מיט אנ־דערע ווערטער]; 2. אנגעצויגען, שטארק; 3. לייכט קאלירט, מיט א לייכטער שאטי־רונג; 4. אין פאטאגראפיע — פערבעסערט דעם קאליר דורך כעמישע שטאפען.

1. He spoke in a high-**toned** voice. 2. His mind was quite as firmly **toned** at eighty as at forty.

tone'-deaf'ness *n.* (טאונ'-דעפ'-נעס) מוזיקאלישע טויבקייט [אונפעהיגקייט צו הערען מוזיקאלישע קלאנגען].

tone down (טאון דאון) אנשטעלען א נידריגערען טאן; מאכען ווייניגער העל [די פארב אין מאלעריי]; מאכען מילדער אדער שוואכער.

tone'less *a.* (טאונ'-לעס) אהן א טאן, אהן א קאליר, אהן אן אקצענט, ניט בעטאנט, אהן אן אויסדרוק, אהן אן אינטאנאציאן.

tone'lessness *n.* (טאונ'-לעס-נעס) טאנ־לאזיגקייט, קאלירלאזיגקייט, דאס ניט הא־בען קיין אקצענט, דאס זיין אהן אן אויס־דרוק.

tone'-mas'ter *n.* (טאונ'-מעס'-טער) א טאן־קינסטלער; א פעהיגער, געניטער מו־זיק־פערפאסער.

tone'-meas'urer *n.* (טאונ'-מעזש'-אור-ער) א מאנאכארד. ז. *monochord*

tone'-pain'ting *n.* (טאונ'-פיינ'-טינג) קלאנגען־מאלעריי, דאס ארויסרופען אדער שאפען פארשטעלונגען און בילדער מיט דער הילף פון מוזיקאלישע קלאנגען.

to'ner *n.* (טאו'-נער) איינער אדער עט־וואס וואס גיט א טאן אדער שאטירונג.

tone'-rela'tionship *n.* (טאונ'-רי-ליי'-שאנ-שיפ) אין מוזיק — טאן־פער־העלטנים, טאן־הארמאניע.

tone'-syl'lable *n.* (טאונ'-סיל'-עבל) די טאן־זילבע, די בעטאנטע זילבע, די ווארט־זילבע וואס האט אויף זיך דעם אקצענט.

tone up (טאון אפ) העכערען דעם טאן; העכערען, פערשטארקערען.

tong *n. and v.* (טאהנג) א צוואנג, א צווענגעל; א הילצערנער געשטעל, אין וועלכען עס ווערט איינגעפאסט א דימענט ביים שלייפען; אננעהמען, האלטען אדער אנכאפען מיט א צוואנג.

ton'ga *n.* (טאנ'-גא) אין אסט־אינדיען — אזא לייכטעס וועגעל אויף צוויי רעדער.

Ton'ga bean (טאנ'-גא ביען) ז. *Tonka bean*

tong'er *n.* (טאהנג'-ער) איינער וואס כאפט אויסטערס מיט אזא צוואנגען־אינ־סטרומענט. ז. *oyster-tongs*

tong'ing *n.* (טאהנג'-אינג) דאס כאפען אויסטערס מיט אזא צוואנגען־אינסטרו־מענט. ז. *oyster-tongs*

tong'man *n.* (טאהנג'-מען) ז. *tonger*

tongs *n.* (טאהנגז) צוואנגען, א צוואנג, א צווענגעל.

tongs'man *n.* (טאהנגז'-מען) ז. *tonger*

tongue *n. and v.* (טאנג) א צונג; צונג [אלס שפייז]; שפראך; דאס רעדען; פלוידעריי; רייד, הוילע רייד [אהן טהא־טען], פוסטע דבורים; א שטימע, א קול; א שפראך, א פאלק; א צינגעל [פון א גלאק, פון א שלאס, פון א וואג, פון א ספראנדזשקע א. ד. ג.]; עטוואס וואס איז עהנליך אין אויסזעהן צו א צונג אדער צינ־געל, עטוואס וואס שטארצט ארויס [ווי למשל: דער מונד־שטיק פון א בלאז־אינ־סטרומענט, דאס צינגעל פון א שוך, דער דישעל פון א וואגען, א שמאלער פאס וואסער אדער יבשה, א צאפען אין א ברעט צום איינפאסען אין דער אויסהוילונג פון אן אנדער ברעט א. ז. וו.]; שילטען, זידלען, אויסרעדען, מאכען פארווירפע; רע־דען, אויסדריקען אין ווערטער; פלוידע־רען; בענוצען דעם צונג ביים שפיעלען אויף א בלאז־אינסטרומענט; ארויסשטאר־צען [ווי א צונג אדער צינגעל].

tongue'-and-groove' joint (טאנג'-

ענד-גרוהוו' דזשאינט) א פעראייניגונג פון צוויי ברעטער אזוי אז א צאפען פון איין ברעט זאל זיך איינפאסען אין אן איינקארבונג פון אן אנדער ברעט.

tongue'-bit *n.* (טאנג'-ביט) אזא צוים-אייזענדעל פאר פערד וואס לאזען זיך ניט קאנטראלירען דורך א געוועהנליכען צוים-אייזענדעל.

tongue'-bone *n.* (טאנג'-באון) דער צונג-ביין.

tongue'-chain *n.* (טאנג'-טשיין) א קייט ביים ענד פון א דישעל פון א וואגען.

tongue'-compress'or *n.* (טאנג'-קאם-פרעס'-אר) א צונג-אראבדריקער [א דענטיסטישער אינסטרומענט אראבצודריקען דעם צונג].

tongued *a.* (טאנגד) וואס האט א צונג, שפראך אדער קול; וואס האט א צינגעל אדער אן ארויסשטארצונג. ז. *tongue*

tongue'-depress'or *n.* (טאנג'-די-פרעס'-אר) א צונג-אראבדריקער [אן אינסטרומענט אראבצודריקען דעם צונג ביי מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון מויל אדער האלז].

tongue'-dough'ty *a.* (טאנג'-דאו'-טי) פלוידעריש, פלוידערענד.

tongue'-fence *n.* (טאנג'-פענס) א צונג-געפעכט, א דעבאטע, א וכוח.

tongue'-fish *n.* (טאנג'-פיש) דער צונג-פיש [אזא פלאטשיגער פיש].

tongue'-grass *n.* (טאנג'-גראס) פעפער-גראז. ז. *peppergrass*

tongue'-hol'der *n.* (טאנג'-האול'-דער) ז. *tongue-compressor*

tongue'-hound *n.* (טאנג'-האונד) איינער פון די קווער-שטיקער צווישען וועלכע און אין וועלכע עס בעפעסטיגט זיך דער דישעל פון א וואגען.

tongue'-lash'ing *n.* (טאנג'-לעש'-אינג) דאס שילטען אדער זידלען.

tongue'less *a.* (טאנג'-לעס) אהן א צונג, אהן א לשון, אהן א שפראך.

tongue'let *n.* (טאנג'-לעט) א צינגעל; אזא צינגעל-פערמיגער ווארים.

tongue'-shaped *a.* (טאנג'-שייפט) צונג-פערמיג, ווי א צונג.

tongue'-spat'ula *n.* (טאנג'-ספעט'-יו-לא) א צונג-אראבדריקער [אן אינסטרומענט צום אראבדריקען דעם צונג ביי מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון מויל און האלז אדער ביים פעררייכטען און רייסען ציינער].

tongue'ster *n.* (טאנג'-סטער) א פלוידערזאק.

tongue'-test *n.* (טאנג'-טעסט) א צונג-פראבע [די מעטאדע אבצופראבירען אויב עס געפינט זיך אן עלעקטרישער שטראם אין א באטעריע אדער אין א באטעריע-קרייז דורך דעם וואס מען לעגט צו די ענדען פון די דראטען צום שפיץ צונג].

tongue'-tie *n. and v.* (טאנג'-טאי) אין מעדיצין — א שווערע בעוועגונג פון צונג, א קורצע צונג; רויבען די רעדע-פעהיגקייט, מאכען שפראכלאז.

tongue'-tied *a.* (טאנג'-טאיד) וואס האט א קורצע צונג, וואס רעדט מיט שוועריגקייט; מיט א געבונדענער צונג, שטאמלענד.

tongue'-val'iant *a.* (טאנג'-וועל'-יענט) מויל-העלדיש, וואס איז א העלד בלויז מיט'ן מויל.

tongue'-war'rior *n.* (טאנג'-וואהר'-יער) א מויל-העלד, איינער וואס איז א העלד בלויז מיט'ן מויל.

tongue'-work *n.* (טאנג'-הוואירק) ריידעריי, פלוידעריי.

tongue'y *a.* (טאנג'-אי) בערעדעוודיג; פלאפלעריש.

tongu'ing *n.* (טאנג'-אינג) אן ארויסשטארצונג [ווי א צונג]; דאס געברויכען די צונג ביים שפילען אויף בלאז-אינסטרומענטען.

tongu'ing and groo'ving (טאנג'-אינג ענד גרוה'-ווינג) דאס פעראייניגען ברעטער אזוי, אז דער צאפען פון איין ברעט זאל אריינקומען אין אן אויסהוילונג פון א צווייטער.

tongu'y *a.* (טאנג'-אי) ז. *tonguey*

ton'ic *a. and n.* (טאנ'-איק) שטארקענד; טאניש, וואס איז שייך צו טענער אדער קלאנגען; וואס איז שייך צום גרונד-טאן; א שטארקונגס-מיטעל; דער גרונד-טאן אין מוזיק.

ton'ically *adv.* (טאנ'-אי-קעל-אי) טאניש, אין בעצוג צו טענער; אין מעדיצין— דויערענד, אהן אויפהער [ווי למשל, וועגען ספאזמען אדער קראמפף].

ton'ic chord (טאנ'-איק קאהרד) א גרונד-אקארד, אן אקארד פון דעם גרונד-טאן.

tonic'ity *n.* (טא-ניס'-אי-טי) דאס זיין טאניש; די שפאן-קראפט פון קערפער, קרעפטיגקייט, געזונדקייט.

ton'ic sol'-fa (טאנ'-איק סאול'-פא) א סיסטעם פון בעצייכנען טענער דורך בוכשטאבען און גראמאטישע צייכענס [ווי למשל, די נאטע "דא" דורך א *d*, "רע" דורך *r* א. ז. וו.].

to-night' *adv. and n.* (טו-נאיט') היינט ביי נאכט, היינט אין אבענד; היינטיגער אבענד, קומענדער אבענד, היינטיגע נאכט.

tonight' *n. and adv.* (טו-נאיט') ז. *to-night*

to'ning *n.* (טאו'-נינג) דאס צוגעבען א געוויסען טאן אדער א געוויסען פארבען-עפעקט; דאס ענדערען ביים רעטושירען די פארבונג פון א פאטאגראפישען בילד; דאס ענדערען די פארב פון א בילד דורך כעמישע שטאפען; דאס ריידען אין א געמאכטען טאן, דאס אונטערזינגען; הארמאנירונג; אנשטעלונג [פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

ton'ish *a.* (טאנ'-איש) מאדיש.

ton'ishness *n.* (טאנ'-איש-נעס) מאדישקייט.

ton'jon *n.* (טאנ'-דזשאן) אזא אפענער טראג-שטוהל אין אינדיען וואס ווערט געטראגען אויף א שטאנג פון פיער טרעגער.

Ton'ka bean (טאנ'-קא ביען) א טאנקא-באב [אזא אראמאטישער מאנדעל-פערמינער באב וואס וואקסט אין גוויאנא, ווענעזועלא].

ton'nage *n. and v.* (טאנ'-עדזש) דער טאנען-געהאלט אדער די טאנען-לאדונג פון א שיף; די משא אדער די לאסט פון א שיף; די משא אויסגעדריקט אין טאנען, וואס א שיף קען פיהרען; די שיפען פון א האפען אדער פון א לאנד געמאסטען לויט זייער טאנען-געהאלט [ד. ה. וויפיעל טאן משא זיי קענען אריינגעהמען]; פראכט-געלד אדער פראכט-אבצאהל לויט דעם טאנען-געהאלט פון שיף; האבען א טאנען-געהאלט אדער טאנען-לאדונג; ארויפלעגען א שיף-פראכט שטייער. ז. *ton*

ton'nage-du'ty *n.* (טאנ'-עדזש-דיו'-טי) פראכט-שטייער, פראכט-אבצאהל פון א שיף לויט דער טאנען-לאדונג.

ton'nage tax (טאנ'-עדזש טעקס) א שטייער וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף שיפען לויט זייער טאנען-לאדונג.

tonneau' *a. and n.* (טאנ-או') עהנליך צו א פאס אדער טון [וועגען אן אויטאמאביל]; א פאס-עהנליכער אויטאמאביל-וואגען.

ton'ner *n.* (טאנ'-ער) א שיף לויט איהר טאנען-לאדונג.

The schooner was a 2000 tonner.

Tonnerre' *n.* (טא-נעהר') טאנער, אזא רויטער וויין.

ton'nish *a.* (טאנ'-איש) ז. *tonish*

ton'nishness *n.* (טאנ'-איש-נעס) ז. *tonishness*

tonom'eter *n.* (טא-נאמ'-ע-טער) אין מוזיק — א טאנאמעטער, א טאן-מעסטער, א שטים-גאפעל, א קאמערטאן.

Tonquin' bean (טאן-קין' ביען) ז. *Tonka bean*.

ton'sil *n.* (טאנ'-סיל) א האלז-מאנדעל.

tonsil'la *n.* (טאנ-סיל'-א) ז. *tonsil*

ton'sillar *a.* (טאנ'-סי-לאר) וואס איז שייך צו די מאנדלען [אין האלז].

ton'sillary *a.* (טאנ'-סי-לע-רי) ז. *tonsillar*

tonsillit'ic *a.* (טאנ-סי-ליט'-איק) וואס איז שייך צו די מאנדלען [אין האלז]; וואס ליידט פון מאנדלען-ענטצינדונג.

tonsilli'tis *n.* (טאנ-סי-לאי'-טיס) מאנדלען-ענטצינדונג.

tonsil'lotome *n.* (טאנ-סיל'-א-טאום) א כירורגישער אינסטרומענט אויסצושניידען די מאנדלען פון האלז.

tonsillot'omy *n.* (טאנ-סי-לאט'-א-מי) דאס אויסשניידען די מאנדלען אין האלז.

ton'sor *n.* (טאנ'-סאר) א בארביר, א צירולניק, א גאלער, א ראזירער.

tonso'rial *a.* (טאנ-סאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א בארביר אדער צירולניק.

ton'sure *n. and v.* (טאנ'-שור) דאס שערען אדער גאלען די האר פון קאפ; שערונג, דאס זיין געשארען; דאס אויסשערען אדער אויסגאלען די האר פון קאפ ביי א קאנדידאט אויף א קאטוילישען גלח אדער מאנאך; דער איינטריט אדער די אויפנאהמע אלס גלח אדער מאנאך; די טאנזור, דער נאקעטער אויסגעגאלטער אדער אויסגעשארענער פלאץ אויף דעם קאפ פון א קאטוילישען גלח אדער מאנאך; שערען אדער גאלען די האר פון קאפ [בעזאנדערס וועגען א קאטוילישען גלח].

ton'sured *a.* (טאנ'-שורד) געשארען, געגאלט; וואס האט די טאנזור [וועגען א גלח אדער מאנאך. ז. *tonsure*].

tontine' *n. and a.* (טאנ-טין') א טאנטינע, אן ארט געגענזייטיגע פערזיכערונג, וואו די צינזען און דיווידענדען וואס בעלאנגען צו פערזאנען וועלכע האבען בייגעטראגען צו אן אנלייהע [הלואה], געהען איבער נאך זייער טויט ניט צו זייערע יורשים נאר צו די איבערגעבליבענע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט [דער פלאן פון דער טאנטינע איז ווי פאלגט: א געוויסע צאהל פערזאנען לעגען צונויף א געוויסע סומע געלד פאר אן אנלייהע מיט דעם תנאי, אז די דיווידענדען אדער די רענטע, וואס זי וועט בריינגען, זאל געטיילט ווערען בלויז צווישען די מיטגליעדער, וואס זיינען ביים לעבען, אהן דעם רעכט פון פערערבונג. ווען די צאהל פערזאנען איז אנפאנגס, למשל, געווען 100, און 50 פון זיי זיינען אויסגעשטארבען, ווערען די איינגאהמען געטיילט בלויז צווישען די 50 איבערלעבענדע; ווען פון די 50 זיינען ווייטער

אויסגעשטארבען 25, דאן טיילט מען די איינגאהמען בלויז צווישען די איבערגעבליבענע 25 און אזוי ווייטער ביז עס בלייבט דער לעצטער, וועלכער נעהמט די גאנצע סומע און נאך זיין טויט הערט די טאנטינע אויף צו עקזיסטירען]; וואס איז שייך צו א טאנטינע, וואס ענטהאלט דעם פרינציפ פון א טאנטינע.

to'ny *n. and a.* (טאו'-ני) א גולם, א נאר, א שוטה; זעהר עלעגאנט, פון די "הויכע פענסטער", גרויסארטיג.

too *adv.* (טוה) צו, צו פיעל; אויך.

took (טוק) גענומען. ז. *take*

tool *n. and v.* (טוהל) א געצייג, א ווערקצייג; א געוועהר; איינער וואס ווערט אויסגענוצט פון א צווייטען אלס א ווערקצייג; א פערציערונג אדער ארנאמענט וואס ווערט אבגעדריקט אויף די טאוולען פון ביכער מיט די שטעמפלען פון אן איינבינדער; ארבייטען אדער בעארבייטען מיט געצייג; בעציערען אדער בעפוצען א בוך מיט געוויסע איינבינדערישע געצייג; אנטרייבען א געשפאן; פאהרען.

tool'-car *n.* (טוהל'-קאר) א ווערקצייג-וואגאן [אזא וואגאן אין וועלכען עס ווערט געפיהרט די נויטיגע געצייג צורעכט צו מאכען די אייזענבאהן-ליניע].

tool'-chest *n.* (טוהל'-טשעסט) א ווערקצייג-קאסטען.

tooled edg'es (טוהלד עדזש'-עז) בעציערטע ברעגען אדער ראנדען פון א בוך [דורך דעם אבדרוק פון שטעמפלען].

too'ler *n.* (טוה'-לער) א שטיין-מייסעל, שטיין-דלאט [ארומצוהאקען גלאט א שטיין].

tool'-hol'der *n.* (טוהל'-האול'-דער) א גריף אדער הענטעל פון א געצייג.

too'ling *n.* (טוה'-לינג) דאס ארבייטען אדער בעארבייטען מיט געצייג.

tool'-ma'ker *n.* (טוהל'-מיי'-קער) א געצייג-מאכער, אן אינסטרומענטען-מאכער.

tool'-mark *n.* (טוהל'-מארק) א צייכען, וואס בלייבט אויף א געגענשטאנד פון די געצייג, מיט וועלכע ער איז בעארבייט געווארען.

tool'-mar'king *n.* (טוהל'-מאר'-קינג) דאס מאכען צייכענס אדער נעמען אין שטאלענע געצייג [דאס ארט וואו דער צייכען דארף געמאכט ווערען, ווערט בעדעקט מיט א דינעם שיכט חלב אדער וואקס וואו עס ווערט איינגעקריצט דער צייכען אדער דער נאמען און נאכהער ווערט די איינקריצונג בעגאסען מיט סאלפעטער-זויערע].

toom *a. and n.* (טוהם) לעדיג; א לעדיגער פלאץ, וואו מען שיט ארויס מיסט אדער אבפאל.

too man'y (טוה מענ'-אי) 1. צו פיעל; 2. צו שטארק; צו מעכטיג; פיעל פעהיגער.
2. They are **too many** for us.

toom'ly *adv.* (טוהמ'-לי) לעדיגליך, פוסט.

too much for one (טוה מאטש פאר הוואן) צו שטארק אדער צו גרויס פאר איינעם אלס א גלייכען.

toon *n.* (טוהן) דער אראמאטישער צעדער-טאנענבוים [אזא גרויסער בוים וואס וואקסט אין אסט-אינדיען. זיין האלץ איז פון ציגעל-רויטען קאליר].

too'na *n.* (טוה'-נא) ז. *toon*

too'roo *n.* (טוה'-רוה) די טורו [זעהר א הויכע אמעריקאנישע פאלמע מיט א שטארקען האלץ, פון וועלכען מען מאכט ביליארד-שטעקענס, שפאציער-שטעקליך א. ד. ג.].

toot *v. and n.* (טוהט) טוטען, בלאזען מיט א הארן; טרובען, טרומייטען, פייפען מיט א פייפעל; ארויסלאזען א קלאנג ווי פון א טרומייט, טרובע אדער פייפעל; א בלאז ווי פון א הארן, טרומייט אדער טרובע; א הוליאנקע; א פוילער, נישטיגער מענש.

too'ter *n.* (טוה'-טער) איינער וואס בלאזט אין א טרומייט, טרובע אדער הארן; א בלאז-אינסטרומענט [ווי א טרומייט, א טרובע א. ד. ג.].

tooth *n. and v.* (טוהטה) א צאהן; עמ-וואס איז עהנליך צו א צאהן [ווי א צאהן פון א זעג, פון א קאם, פון א ראד א. ד. ג.], עטוואס ארויסגעשטארצטעס און שפיציגעס; א צאק פון א בלאט; א געשמאק; פערזוכען, א בים טהאן; בעזארגען מיט ציינער, פערצאהנען, איינשניידען ציינער; איינגרייפען איינע אין די אנדערע ווי צאהן-רעדער; מאכען געצאקט.

tooth'ache *n.* (טוהטה'-אייק) צאהן-וועהטאג, צאהן-שמערצען.

tooth'ache-grass *n.* (טוהטה'-אייק-גרעס) אזא הויכעס גראז אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

tooth'ache-tree *n.* (טוהטה'-אייק-טריע) דער צאהן-וועה בוים [אזא שטעכיגער בוים].

tooth and nail (טוהטה ענד נייל) מיט אלע קרעפטען.

tooth'-brush *n.* (טוהטה'-בראש) א צאהן-בערשטעל.

tooth'-car'penter *n.* (טוהטה'-קאר'-פענ-טער) א דענטיסט, א צאהן-דאקטאר [אלס הומאריסטישער אויסדרוק].

tooth'-draw'ing *n.* (טוהטה'-דראה'-אינג) דאס ארויסציהען א צאהן, דאס רייסען ציינער.

toothed *a.* (טוהטהט) מיט ציינער; געצייהנט; געצאקט; מיט שפיצען, מיט שטאכעלען.

tooth'edge *n.* (טוהטה'-עדזש) דאס אונאנגענעהמע געפיהל, וואס מען שפירט אין די ציינער פון עסען זויערע זאכען אדער ביים הערען א גרילצענדען קלאנג.

tooth'ful *a.* (טוהטה'-פול) געשמאק.

too thin (טוה טהין) צו דין, צו דורכזיכטיג, צו שוואך צו מאכען א ווירקונג אויף אימעצען אדער צו איבערציינגען.

too'thing *n.* (טוה'-טהינג) ציגעל אדער שטיינער, וואס מען לאזט זייערע שפיצען ארויסגעשטארצט פון ענד פון וואנד, כדי צו קענען צומויערען עטוואס שפעטער, ווען עס וועט זיין נויטיג.

too'thing-plane *n.* (טוה'-טהינג-פליין) א געצאקטער הובעל.

tooth'-key *n.* (טוהטה'-קיע) א צאהן-שליסעל [אזא שליסעל-פערמיגער אינסטרומענט, וואס דענטיסטען פלעגען אמאל בענוצען צום ארויסציהען ציינער].

tooth'less *a.* (טוהטה'-לעס) אהן ציינער.

tooth'let *n.* (טוהטה'-לעט) א צייהנדעל; א קליינע ארויסשטארצונג ווי א קליין צייהנדעל.

tooth'leted *a.* (טוהטה'-לעט-עד) וואס האט קלייניקע ארויסשטארצונגען אדער שפיצען [וועגען בלעטער].

tooth'-like *a.* (טוהטה'-לאיק) עהנליך צו א צאהן.

tooth'-paste *n.* (טוהטה'-פייסט) צאהן-פאסטע [אזא טייגיגע מאסע געמאכט פון צאהן-פולווער צו רייניגען די ציינער].

tooth'pick *n. and a.* (טוהטה'-פיק) א צאהן-שטעכער; אזא פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די געגענדען פון מיטעללענדישען ים; עהנליך צו א צאהן-שטעכער.

tooth'picker *n.* (טוהטה'-פיק-ער) איינער אדער עטוואס וואס רייניגט די ציינער פון די שטיקלעך שפייז וואס בלייבט צווישען זיי פון עסען; א צאהן-שטעכער.

tooth'-plug'ger *n.* (טוהטה'-פלאג'-ער) א דענטיסטישער אינסטרומענט צו פילען אדער פלאמבירען ציינער.

tooth'-pow'der *n.* (טוהטה'-פאו'-דער) צאהן-פולווער [א פולווער אדער פראשעק צו רייניגען די ציינער].

tooth'-pulp *n.* (טוהטה'-פאלפ) די צאהן-פולפע [דער אויבערשטער טייל פון נערוו, וואס פילט אויס דעם אינוועניגסטען טייל פון צאהן].

tooth'-rash *n.* (טוהטה'-רעש) ז. *strophulus*

tooth'-shell *n.* (טוהטה'-שעל) א צאהן-שנעקע [אזא שנעקע וואס איז עהנליך צו א לאנגען צאהן].

tooth'some *a.* (טוהטה'-סאם) געשמאק.

tooth'somely *adv.* (טוהטה'-סאם-לי) מיט געשמאק, אויף א געשמאקהאפטען אופן.

tooth'someness *n.* (טוהטה'-סאם-נעס) געשמאקקייט.

tooth'wort *n.* (טוהטה'-הווארט) די שופען-ווארצעל אדער צאהן-ווארצעל [אזא פלאנצע וואס האט צאהן-עהנליכע שופען].

tooth'-wound *n.* (טוהטה'-הוואונד) א וואונד וואס קומט פון א בים פון א חיה.

too'thy *a.* (טוה'-טהי) וואס האט ציינער, פול מיט ציינער; געשמאק.

too'tle *v.* (טוהטל) זאנפט בלאזען אויף א פלייט.

too too (טוה טוה) זעהר און זעהר, איבער און איבער; אויסערארדענטליך.

too'-too *adv. and a.* (טוה'-טוה) ז. *too too*

toot'-plant *n.* (טוהט'-פלענט) אזא גיפטיגע פלאנצע אין ניי-זעעלאנד וואס האט לאנגע פיער-קאנטיגע צווייגען און גרויסע בלעטער.

top *n., a. and v.* (טאפ) דער שפיץ, דער אויבען; דער אויבערשטער טייל; די אויבערשטע זייט; די אויבערפלעכע; דער קאפ; דער שפיץ פון קאפ; א טשוב [פון האר אדער פעדערען]; דער העכסטער אדער ערשטער אין ראנג; דער פארנעהמסטער; דער העכסטער גראד; דער העכסטער זארט; דער אויבער-דעק פון א וואגען אדער קארעט; אזא דריידעל אדער גאר וואס דרעהט זיך, ווען ער ווערט אנגעצויגען מיט פאדים אדער שטריקעל; א פלאטפארם ארום דעם שפיץ פון דעם נידריגען מאסט אויף א שיף; וואס איז אן דער שפיצע; וואס איז דער העכסטער אדער דער פארנעהמסטער; ארויפשטייגען אין דער הויך; דערגרייכען דעם שפיץ; איבערשטייגען, איבערטרעפען; איבעריאגען; נעהמען די אויבערהאנד; אריבערשטייגען, אריבערשפרינגען; בעדעקען דעם שפיץ אדער דעם אויבען; בעקרוינען; ארויפשטעלען א שפיץ; אראבשניידען אדער אראבהאקען דעם שפיץ; זיין אויף א געוויסער הויך; ארונטערפאלען מיט'ן קאפ אראב, פאלען קאפ איבער; הענגען [אויף גנבים-שפראך].

to'parch *n.* (טאו'-פארק) א טאפארך, א הערשער פון א בעצירק אדער פון א קליינער געגענד.

topar'chia *n.* (טא-פאר'-קי-א) ז. *toparchy*

to'parchy *n.* (טאו'-פאר-קי) א טאפאר=

כיע, א בעצירק אדער קליינע געגענד וואס ווערט רעגירט פון א טאפּארך. ז. *toparch*.

top'-ar'mor *n.* (טאפּ'-אר'-מאר) די פּאַ־רענטשע אדער גראטע פון דער פּלאטפארם פון דעם נידריגען מאסט פון א שיף.

to'paz *n.* (טאו'-פּעז) א טאפּאז [אזא עדעלשטיין, מייסטענס פון געלבען קאליר, אויך פון בלויליכען און גרינליכען קאליר. ז. איל. אונטער "Gems"]; אזא גרויסער קאליברי־פויגעל מיט גלאנציגע פעדערען.

topaz'olite *n.* (טא-פּעז'-א-לאיט) טאפּאזאליט, גראנאט־שטיין פון געלבען אדער אליוו־גרינעם קאליר.

top'-beam *n.* (טאפּ'-ביעם) א קוואער־באלקען פון א הויז.

top'-boot *n.* (טאפּ'-בוהט) א שטולפען־שטיוועל [א שטיוועל וואס דער אויבערשטער טייל פון דער כאלעווע איז אריבערגעבויגען אדער האט אן אויפשלאג ווי א מאנזשעט]; א שטיוועל מיט א לאנגער כאלעווע.

top'-boo'ted *a.* (טאפּ'-בוה'-טעד) וואס טראגט שטולפען־שטיוועל.

top'-coat *n.* (טאפּ'-קאוט) אן אויבער־מאנטעל.

top cov'er (טאפּ קאוו'-ער) דער אויבערשטער טאוועל פון א בוך.

top'-drain *v.* (טאפּ'-דריין) טרוקען מאכען די אויבערפלעכע פון לאנד.

top'-drai'ning *n.* (טאפּ'-דריי'-נינג) דאס טרוקען מאכען די אויבערפלעכע פון לאנד.

top'-dress *v.* (טאפּ'-דרעס) בעמיסטיגען לאנד בלויז פון אויבען [ניט אריינאקערען דאס מיסט אין דער ערד].

top'-dress'ing *n.* (טאפּ'-דרעס'-אינג) דאס בעמיסטיגען לאנד בלויז פון אויבען [ניט אריינאקערענדיג דאס מיסט אין דער ערד].

tope *v. and n.* (טאופּ) זויפען, טרינקען, שכור'ען; דער שווימענ־האי, דער ים־חזיר [אזא פיש]; אזא בודיסטישער מאנומענט אין אינדיען, וואס האט די פארם פון א דאם [ז. איל.].

Tope

topee' *n.* (טאו-פּיע') א הוט, א צילינדער־הוט; א היטעל.

to'per *n.* (טאו'-פּער) א טרינקער, א שכור.

top'gallant *a. and n.* (טאפּ'-געל'-ענט) וואס איז איבער דעם צווייטען מאסט פון דעק און אונטער דעם אויבערשטען זעגעל [וועגען א מאסט־בוים אדער זעגעל]; דער זעגעל אדער דער מאסט וואס איז איבער דעם צווייטען מאסט פון דעק; דער העכסטער מאסט; א הויכער טייל אדער פּלאץ, די טיילען פון שיף־דעק, וועלכע זיינען העכער ווי די אנדערע.

top'gallant mast (טאפּ'-געל'-ענט מעסט) דער סאמע העכסטער מאסט.

toph *n.* (טאף) ז. *tophus*.

top'-ham'per *n.* (טאפּ'-העמ'-פּער) א וועלכע עס איז אוננויטיגע משא אדער געוויכט אויף דעם דעק פון א שיף; שטריק, פּעסלעך, זעגלען א. ד. ג. וואס זיינען אנגעווארפען אויף דעם דעק פון א שיף; די לייכטע אויבערשטע זעגלען און שטריק פון א שיף.

top'-ham'pered *n.* (טאפּ'-העמ'-פּערד) וואס האט צופיעל געוויכט אויף'ן דעק [וועגען א שיף].

top'-heav'iness *n.* (טאפּ'-העוו'-אי-נעס) דאס זיין בעלאדען צופיעל פון אויבען.

top'-heav'y *a.* (טאפּ'-העוו'-אי) שווערער פון אויבען אלס פון אונטען; וואס איז פון אויבען צופיעל בעלאסטעט; ניט פּראפּארציאנעל; וואס קען אומפאלען; וואס קען קיין תקומה ניט האבען; בעטרונקען, שכור.

To'phet *n.* (טאו'-פעט) תפת, דער גיהנם, די העל.

to'phus *n.* (טאו'-פאס) אזא קאלכיגער שטאף, וואס וואקסט אן אויף די געלענקפלעכען און ארום די ציינער ביי די וואס ליידען פון גיכט [פּאדאגרא].

topi' *n.* (טאו-פּיע') ז. *topee*.

to'piary *a.* (טאו'-פּי-ע-רי) ארומגעשניטען די צווייגען פון בוימלעך אויף אזא אופן, אז זיי זאלען בילדען פערשיעדענע פיגורען [ווי דאס ווערט געמאכט אין גארטענס אדער אויף די הויפען פון הייזער].

to'piary work (טאו'-פּי-ע-רי הווארק) דאס ארומשניידען די צווייגען פון בוימלעך אין פערשיעדענע פארמען און פיגורען.

top'ic *n. and a.* (טאפּ'-איק) א טעמא, אן עניין; דאס וואס ווערט געזאגט בדרך כלל, אן ארגומענט וואס קען געברויכט ווערען פאר פערשיעדענע פעלע; געוויסע בעטראכטונגען פון וועלכע מען קען ציהען וואהרשיינליכע ארגומענטען; אן ערטליכעס אדער לאקאלעס הייל־מיטעל; ערטליך.

top'ical *a.* (טאפּ'-אי-קעל) ערטליך; וואס ווערט אנגעווענדעט בלויז פאר א געוויסען טייל פון קערפּער [וועגען מעדיצינען]; וואס איז בדרך כלל, וואס איז וואהרשיינליך אדער מעגליך; ווי אן ארגומענט; וואס איז שייך צו א טעמא אדער אן עניין; וואס האט צו טהאן מיט ארטיגע אנגעלעגענהייטען.

top'ically *adv.* (טאפּ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו א טעמא אדער עניין; אין בעצוג צו אן ארט אדער געגענשטאנד; ערטליך.

top'ic of the day (טאפּ'-איק אוו טהי דיי) די טעמא פון טאג, דער געשפּרעך פון טאג.

top'knot *n.* (טאפּ'-נאט) א קאפּ־שלייף, א קאפּ־באנד; א טשוב.

top'knotted *a.* (טאפּ'-נאט-עד) בעפּוצט מיט שלייפען אדער קאפּ־בענדער.

top'-lan'tern *n.* (טאפּ'-לענ'-טערן) א גרויסע לאנטערנע אין דער הויך פון א פלאג־שיף.

top'less *a.* (טאפּ'-לעס) אהן א שפּיץ; אונענדליך הויך.

top'-light *n.* (טאפּ'-לאיט) א בעלייכטונג אויף דעם שפּיץ פון א שיף.

top'-li'ning *n.* (טאפּ'-לאי'-נינג) דער אונטערשלאג פון דער הינטערשטער זייט פון דעם אויבערשטען זעגעל.

top'loftical *a.* (טאפּ'-לאהפ-טי-קעל) ז. *toplofty*.

top'loftiness *n.* (טאפּ'-לאהפ-טי-נעס) דאס האבען א הויכען שפּיץ; דאס זיין באמבאסטיש אדער אויפגעבלאזען.

top'lofty *a.* (טאפּ'-לאהפ-טי) וואס האט א הויכען שפּיץ; באמבאסטיש, אויפגעבלאזען, פול מיט פּרעטענזיעס.

top'man *n.* (טאפּ'-מען) דער זעגער וואס שטעהט פון אויבען ביים זעגען ברעטער פון קלעצער; א מאטראז וואס שטעהט אויף דער וואך אדער טהוט זיין דיענסט אויבען אויף דער שיף; א האגדעלס־שיף.

top'mast *n.* (טאפּ'-מעסט) דער צווייטער מאסט פון דעק.

top'most *a.* (טאפּ'-מאוסט) וואס איז דער אויבערשטער אדער דער העכסטער.

top notch (טאפּ נאטש) די העכסטע מדרגה, די העכסטע שטופע, דער העכסטער גראד.

top'-notch'er *n.* (טאפּ'-נאטש'-ער) דאס אויבערשטע פון שטייסעל, דאס אויבערשטע פון כריין [איינער אדער עפּעס וואס שטעהט אויף דער העכסטער שטופע אדער מדרגה].

top off (טאפּ אף) ארויסענדיגען, פּערענדיגען.

top of the tree (טאפּ אוו טהי טריע) די העכסטע שטופע, די העכסטע מדרגה.

topog'rapher *n.* (טא-פּאג'-רע-פער) א טאפּאגראף, אן ארט־בעשרייבער, איינער וואס בעשרייבט גענוי און אויספיהרליך א בעשטימטען ארט, ווי א שטאדט, א געגענד א. ז. וו.

topograph'ic *a.* (טאפּ-א-גרעפ'-איק) טאפּאגראפיש, וואס געהערט צו ארט־בעשרייבונג, וואס איז שייך צו טאפּאגראפיע [ז. *topography*].

topograph'ical *a.* (טאפּ-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *topographic*.

topograph'ically *adv.* (טאפּ-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א טאפּאגראפישען אופן, לויט טאפּאגראפיע. ז. *topography*.

topograph'ic recon'naissance (טאפּ-א-גרעפ'-איק רי-קאנ'-אי-סענס) אן אויבערפלעכליכע אדער ניט קיין גענויע טאפּאגראפישע אויפנאהמע פון א געגענד.

topog'raphist *n.* (טא-פּאג'-רע-פיסט) ז. *topographer*.

topog'raphy *n.* (טא-פּאג'-רע-פי) טאפּאגראפיע, אן אויספיהרליכע און גענויע בעשרייבונג פון א געוויסען ארט, ווי פון א שטאדט, א געגענד א. ז. וו.; דאס פערצייכענען אויף א קארטע אדער מאפּע אלע איינצעלהייטען און פיזישע איינגענטימליכקייטען פון א געגענד; די פיזישע אייגענשאפטען אדער איינגענטימליכקייטען, וועלכע כאראקטעריזירען א געגענד; אין זאאלאגיע — די בעשרייבונג פון דעם אויסזעהן פון פערשיעדענע טיילען פון א בעשעפעניש אין איהר אויסערליכען אויסזעהן אין אלגעמיין; אין אנאטאמיע — די אויפצייכנונג אויף א קארטע פון'ם אויסזעהן פון קערפּער מיט דער בעצייכנונג פון די ערטער, אין וועלכע די איינצעלנע גליעדער געפינען זיך.

topol'ogy *n.* (טא-פּאל'-א-דזשי) טאפּאלאגיע, די מעטאדע צו פערשטארקען דעם זכרון דורך פערבינדען אין געדאנק די זאכען, וועלכע מען דארף געדענקען, מיט א געוויסען בעוואוסטען פּלאץ.

top one's part (טאפּ וואנז פּארט) אבטהאן ווי נויטיג זיין חלק ארבייט.

topon'omy *n.* (טא-פּאנ'-א-מי) טאפּאנאמיע, א רעגיסטער פון אלע ערטער־נעמען פון א בעשטימטער געגענד.

top'ophone *n.* (טאפּ'-א-פאון) אן אינ־

סטרומענט צו בעשטימען די ריכטונג פון וואנען א קלאנגט קומט.

top'per *n.* (טאפ'-ער) דער אדער דאס וואס בעדעקט; דאס וואס ליגט פון אויבען; דער אויבערשטער טייל אדער די אויבערשטע שיכט פון עפעס; עפעס איבערטרעפליכעס, אויסערגעוועהנליכעס; א זעץ איבער'ן קאפ; דאס שטיקעל וואס בלייבט פון אן אויסגערויכערטען ציגאר; דער טאבאק וואס בלייבט אויף'ן דעק פון אן אויסגערויכערטער ליולקע.

top'ping *a. and n.* (טאפ'-אינג) עמינענט, הויך, ערהאבען, זעהר פראמינענט, אויסגעצייכענט; הויכמוטיג, איבערמוטיג; מיט פרעטענזיעס, פרעך, חוצפה'דיג; איינער וואס נעהמט אראב דאס אויבערשטע; דאס אבשניידען די אויבערשטע צווייגען פון א בוים; דער אויבערשטער טייל פון עפעס; דער פאדערשטער האר=לאק אדער פעדערען=טשוב [ווי דער טשוב פון א פויגעל, די טשופרינע פון א פערד א. ד. ג.]; דער עק פון א קינסטליך געמאכטער פליעג, וואס ווערט בענוצט ביים פאנגען פיש.

top'ping-lift *n.* (טאפ'-אינג-ליפט) אויף א זעגעל=שיף — א שטריק אונטערצוהאלטען אדער אויפצוהויבען דעם קווער=שטאנג פון דעם ביזאן=זעגעל [דער אונטערשטער שרעגער זעגעל פון דער הינטערשטער מאסט].

top'pings *n.* (טאפ'-אינגז) די אבגעשניטענע אויבערשטע טיילען [ווי די אבגעשניטענע צווייגען פון א בוים].

top'ple *v.* (טאפל) פאלען, אומפאלען; פאלען מיט דעם קאפ אראב: אראבהענגען אזוי, עס זאל אויסווייזען ווי עס פאלט; אומווארפען, נידערשטירצען.

top'-proud *a.* (טאפ'-פראוד). זעהר שטאלץ.

top'sail *n.* (טאפ'-סייל) דער פיער=קאנטיגער זעגעל וואס איז איבער דעם הויפט=זעגעל פון מאסט.

tops'-and-bot'toms *n.* (טאפס'-ענד-באט'-אמז) צוויבאק.

top'-saw *n.* (טאפ'-סאה) די אויבערשטע פון די צוויי רונדע זעגען, וועלכע ארבייטען צוזאמען אין א זעג=מיהל.

top'-saw'yer *n.* (טאפ'-סאה'-יער) דער זעגער וואס שטעהט פון אויבען ביים זעגען ברעטער פון קלעצער; איינער וואס שטעהט אויף א העכערער שטופע אלס אנדערע; אן אויבערהאר, א העכערער: א פראמינענטע אדער וויכטיגע פערזאן.

top'-shaped *a.* (טאפ'-שייפט), קרייזעל=פערמיג, וואס האט די פארם פון א קאנישען דריידעל.

top'-shell *n.* (טאפ'-שעל) א קאנישער מושעל.

top side (טאפ סאיד) דער אויבערשטער טאוועל פון א בוך.

top'side *n.* (טאפ'-סאיד) די אויבערשטע זייט, דער אויבערשטער טייל.

top'sides *n.* (טאפ'-סאידז) דאס אויבערווערק פון א שיף [דער טייל פון א שיף וואס איז איבער דעם וואסער].

tops'man *n.* (טאפס'-מען) אן אויבער=פיה=טרייבער, אן אויפזעהער איבער פאסטוכער; דער זעגער, וואס שטעהט פון אויבען ביים זעגען ברעטער פון קלעצער; א מאטראז, וואס שטעהט אויף דער וואך אדער טהוט זיין דיענסט אויבען אויף דער שיף.

top'-soil *n.* (טאפ'-סאיל) די אויבערשטע פלעכע פון ערד=באדען.

top'-soi'ling *n.* (טאפ'-סאי'-לינג) דאס אראבגראבען די אויבערשטע פלעכע פון דעם ערד=באדען.

top'-stone *n.* (טאפ'-סטאון) דער אויבערשטער שטיין; איינער פון די עדעלשטיינער אין א כראנאמעטער פון א שיף.

topsytur'vily *adv.* (טאפ-סי-טויר'-ווי-לי) קאפויר, מיט'ן קאפ אראב.

topsytur'viness *n.* (טאפ-סי-טויר'-ווי-נעס) אומקעהרונג, אומגעקעהרטקייט, קאפוירינקייט.

topsytur'vy *adv., a., n. and v.* (טאפ-סי-טויר'-ווי) קאפויר, מיט'ן קאפ אראב, איבערגעקעהרט; צודרעהט, צופלאנטערט, צומישט, כאאטיש; א צומישעניש, א כאאס, א תהו ובהו; מאכען קאפויר, איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב, צודרעהען, צופלאנטערען.

topsytur'vydom *n.* (טאפ-סי-טויר'-ווי-דאם) א תהו ובהו, אן איבערקעהרעניש, א צומישעניש.

topsyturvyfica'tion *n.* (טאפ-סי-טויר-ווי-פי-קיי'-שאן) א פערדרעהעניש, אן איבערקעהרונג, א צומישעניש; קאפויריגקייט.

topsytur'vyfy *v.* (טאפ-סי-טויר'-ווי-פאי) איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב, איבערדרעהען.

top'-tim'ber *n.* (טאפ'-טימ'-בער) איינער פון די אויבערשטע באלקענס אויף דער זייט פון א שיף.

top'-tool *n.* (טאפ'-טוהל) אזא שמיעדע=געצייג וואס איז ענהליך צו א דלאט.

top up (טאפ אפ) ז. ***top off***.

toque *n.* (טאוק) א קליין פרויען=היטעלע אהן א ראנד; דאס הויכע, קאנישע היטעל, וואס עס פלעגט אמאל טראגען דער דאזש [דער הויפט מאגיסטראט] פון ווענעדיג; אזא שווארץ סאמעטען היטעלע, וואס מען פלעגט אמאל טראגען אין פראנקרייך.

tor *n.* (טאהר) א בערגעל; אן ארויסגעשטארצטער פעלז.

to'rah *n.* (טאו'-רא) די תורה; דער חומש.

to'ran *n.* (טאו'-רען) אין בודיסטישער ארכיטעקטור — דער טויער וואס פיהרט אין אן ארומגעצאמטען הייליגען פלאץ.

tor'banite *n.* (טאהר'-בען-איט) אזא זארט שטיין=קויהלען.

torch *n. and v.* (טאהרטש) א פאקעל; אן אויל=לעמפעל אויף א הויכען שטעקען; פאנגען פיש ביי נאכט מיט דער הילף פון א פאקעל; אין שטוקאטורעווען א הויז — אנפילען די שפאלטען צווישען די ציגעל מיט קאלך און האר.

torch'-bear'er *n.* (טאהרטש'-בעהר'-ער) א פאקעל=טרעגער, א ליכט=טרעגער.

torch'-dance *n.* (טאהרטש'-דענס) דער פאקעל=טאנץ, א טאנץ מיט פאקעלען אין די הענד.

tor'cher *n.* (טאהר'-טשער) א בעלייכטער, איינער וואס בעלייכטעט; איינער וואס פאנגט פיש ביי נאכט ביי דעם שיין פון א פאקעל.

torchère' *n.* (טאהר-שעהר') א גרויסער קונסטפאל=געמאכטער לייכטער.

torch'-fish'ing *n.* (טאהרטש'-פיש'-אינג) דאס פאנגען פיש ביי נאכט ביי דעם שיין פון א פאקעל.

tor'ching *n.* (טאהר'-טשינג) ז. ***torch-fishing***.

torch'less *a.* (טאהרטש'-לעס) אהן א פאקעל; ניט בעלייכטעט.

torch'-light *n.* (טאהרטש'-לאיט) דאס פאקעל=ליכט.

tor'chon pa'per (טאהר'-שאן פיי'-פער) א שארסטיגעס פאפיער, וואס ווערט געברויכט אין אקווארעל=מאלעריי.

torch'-race *n.* (טאהרטש'-רייס) אין אלט=גריכענלאנד — א וועט=לויף מיט פאקלען אין די הענד, וואו עס פלעגט געווינען דער יעניגער, וועלכער פלעגט דער ערשטער קומען צום פונקט און זיין פאקעל פלעגט נאך האלטען אין ברענען.

torch'-staff *n.* (טאהרטש'-סטעף) דאס שטעקעל פון א פאקעל.

torch'-this'tle *n.* (טאהרטש'-טהיס'ל) א מין קאקטוס=פלאנצע, וועמעס שטענגעל פלעגט דיענען ביי די אינדיאנער פאר פאקעלען.

torch'-wood *n.* (טאהרטש'-הוואוד) האלץ, פון וועלכען מען מאכט פאקעלען; א מין צענטראל=אמעריקאנער בוים.

torch'wort *n.* (טאהרטש'-הווירט) ז. ***mullein***.

tor'cular *n.* (טאהר'-קיו-לאר) אזא כירורגישער אינסטרומענט צו פערהאלטען א בלוט=פלוס.

tore *n.* (טאור) אין ארכיטעקטור — דער אונטערשטער האלב=רונדער געזימס פון א זייל; אין געאמעטריע — די פלעכע אדער דער קערפער וואס בעקומט זיך, ווען א קרייז אדער עליפסע דרעהט זיך ארום איהר אקס.

tore (טאור) צוריסען. ז. ***tear***.

toreador' *n.* (טאר-ע-א-דאהר') אין שפאניען — א טארעאדאר, אן אקסען=פעכטער [דער וואס טרעט ארויס נעגען א צורייצטען אקס אין א שפאנישען צירק און שטעכט איהם].

toreumatog'raphy *n.* (טא-רוה-מע-טאג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון פארצייטיגע קונסט=ארבייט אין מעטאל.

toreumatol'ogy *n.* (טא-רוה-מע-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פארצייטיגע קונסט=ארבייט אין מעטאל.

toreu'tes *n.* (טא-רוה'-טיז) אין אלט=גריכענלאנד און רוים — א קינסטלער אין מעטאל=ארבייט.

toreu'tic *a.* (טא-רוה'-טיק) אין פארצייטיגער מעטאל=ארבייט — איינגעגראווירט, איינגעקריצט; געמאכט בולט.

toreu'tics *n.* (טא-רוה'-טיקס) די קונסט פון איינגראווירען אדער איינקריצען פיגורען אין מעטאל.

torfa'ceous *a.* (טאהר-פיי'-שיאס) וואס וואקסט אין זומפען אדער אין מאך [וועגען געוויסע פלאנצען].

Torins' *n.* (טאו-רען') א מין פראנצויזישער רויטער וויין.

torment' *v.* (טאהר-מענט') פייניגען, מאטערען, אנטהאן יסורים.

tor'ment *n.* (טאהר'-מענט) פייניגונג, פיין, מאטערניש, יסורים; א פייניגונגס=אינסטרומענט; א מיטעל אנצוטהאן יסורים.

tormen'ted *a.* (טאהר-מענ'-טעד) געמאטערט, געפייניגט; פערקרימט, מיט א פערדארבענעם געשטאלט.

tormen'ter *n.* (טאהר-מענ'-טער) ז. ***tormentor***.

tor'mentful *a.* (טאהר'-מענט-פול) וואס פעראורזאכט גרויסע יסורים.

tor'mentil *n.* (טאהר'-מענ-טיל) דער טארמענטיל=ווארצעל [א גראז=ארטיגע פלאנצע מיט העל=געלבע בליהונגען. ענטהאלט אין זיך א פארבענדען רויטען שטאף. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

tormen'tingly *adv.* (טאהר-מענ'-טינג-

לי) פעראורזאכענדיג יסורים, פייניגענדיג.

tormen'tingness *n.* (טאהר־מענ'־טינג־נעס) דאס זיין פייניגענד; פייניגונג.

tormen'tor *n.* (טאהר־מענ'־טאר) א פייניגער, א קאט, א תליון; איינער אדער עפעס וואס פערשאפט יסורים; אזא באַראנע אויף רעדער וואס ווערט בענוצט צו בראַנגעווען א הארטען באדען.

tormen'tress *n.* (טאהר־מענ'־טרעס) א פייניגערין; איינע וואס טהוט אן יסורים.

tormen'tum *n.* (טאהר־מענ'־טאם) א פארצייטיגע קריעגס־מאשין, א מין קאטאפולטע [ז. *catapult*]; א קליינער הארמאט; א דריידעל [א קינדערשעס שפיעלצייג]; אין מעדיצין — א קראנקהייט אין בויך וואו איין טייל פון די געדערים גליטשט זיך אריין אין אן אנדער טייל.

tor'mina *n.* (טאהר'־מי־נא) קאליק [אזא שטארקער קראמפף אין די געדערים].

tor'minal *a.* (טאהר'־מי־נעל) ז. *torminous*

tor'minous *a.* (טאהר'־מי־נאס) וואס האט דעם כאראקטער פון קאליק [א שמערצליכער קראמפף אין די געדערים].

torn (טאורן) צוריסען, צופליקט. ז. *tear*

tornad'ic *a.* (טאהר־נעד'־איק) וואס איז שייך צו א שטורם־ווינד.

torna'do *n.* (טאהר־ניי'־דאו) א טארנאדא, א שטורם־ווינד, א פלעצליכער שטורם־ווינד.

tor'niquet *n.* (טאהר'־ני־קעט) ז. *tourniquet*

toroi'dal *a.* (טא־ראי'־דעל) וואס האט די פארם פון אן אנקער־רינג.

tor'op *n.* (טאהר'־אפ) ז. *torup*

to'rose *a.* (טאו'־ראוס) — אין באטאניק אויפגעשוואלען ערטערווייז; ווי מיט קניפלעך [וועגען די שטענגלעך פון געוויסע פלאנצען].

toros'ity *n.* (טא־ראס'־אי־טי) דאס זיין ערטערווייז אויפגעשוואלען; דאס זיין ווי מיט קניפלעך אדער מוסקולען.

to'rous *a.* (טאו'־ראס) ז. *torose*

torpe'do *n. and v.* (טאהר־פי'־דאו) אן עלעקטרישער פיש [ז. *electric fish*]; א טארפעדא, א מינע וואס ווערט ארויסגעלאזען אונטער'ן וואסער אויפצורייסען דעם שונא'ס קריעגס־שיף [ז. איל.]; אטאקירען מיט א טארפעדא; עקספלאדירען א מינע אונטער'ן וואסער.



Torpedo

torpe'do-an'chor *n.* (טאהר־פי'־דאו־ענ'־קאר) אן אנקער, וואס האלט די טארפעדא [ז. *torpedo*] אין א געוויסער ריכטונג אונטער'ן וואסער.

torpe'do-boat *n.* (טאהר־פי'־דאו־באוט) די טארפעדא־שיף [אזא קליינע קריעגס־שיף, פון וועלכער עס ווערען ארויסגעלאזען די טארפעדאס. ז. *torpedo*].

torpe'do-boat destroy'er (טאהר־פי'־דאו־באוט דעס־טראי'־ער) א טארפעדא־צושטערער [אזא זעהר שנעלע מיליטערישע שיף, געבויט אויף דער ארט פון א טארפעדא־שיף, איז בעשטימט צו פערניכטען דעם שונא'ס טארפעדא־שיפען].

torpe'do-catch'er *n.* (טאהר־פי'־דאו־קעטש'־ער) א טארפעדא־פאנגער [אזא זעהר שנעלע מיליטערישע שיף, וואס איז בעשטימט צו פאנגען דעם שונא'ס טארפעדא־שיפען].

torpe'do-of'ficer *n.* (טאהר־פי'־דאו־אפ'־אי־סער) אן אפיציער אויף א קריעגס־שיף, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט די טארפעדען.

torpe'do-school *n.* (טאהר־פי'־דאו־סקוהל) א מיליטערישע שול צו לערנען אפיציערען און סאלדאטען דעם געברויך און די בענוצונג פון טארפעדען. ז. *torpedo*

tor'pid *a. and n.* (טאהר'־פיד) בעטויבט, פערשטארט, אונעמפפינדליך; פויל, אונטהעטיג, טעמפ; וואס איז שייך צו די טארפידען אדער וועט־לויף פון שיפען אין אקספארדער אוניווערזיטעט; א שיפעל פון צווייטען קלאס, וואס ווערט בענוצט אין שיפען־וועט־קאמפף צווישען אקספארדער און קעמברידזשער אוניווערזיטעטען אין ענגלאנד; א רודערער פון אזא שיף.

torpid'ity *n.* (טאהר־פיד'־אי־טי) בעטויבטקייט; טעמפקייט, אונטהעטיגקייט; אונעמפפינדליכקייט; אפאטיע; פערשלאפענקייט.

tor'pidly *adv.* (טאהר'־פיד־לי) אויף א טעמפען אדער אפאטישען שטייגער; זייענדיג פערשלאפען אדער אונטהעטיג.

tor'pidness *n.* (טאהר'־פיד־נעס) ז. *torpidity*

tor'pids *n.* (טאהר'־פידז) די טארפידען, דער וועט־לויף פון שיפען אין אקספארדער אוניווערזיטעט.

tor'pify *v.* (טאהר'־פי־פאי) בעטויבען, פערשטארען, מאכען אונעמפפינדליך.

tor'pitude *n.* (טאהר'־פי־טיוד) ז. *torpidity*

tor'por *n.* (טאהר'־פאר) פאלשטענדיגע בעטויבונג, אונעמפפינדליכקייט; פערשלאפענקייט, אונטהעטיגקייט, אפאטיע.

torporif'ic *a.* (טאהר־פא־ריפ'־איק) בעטויבענד, וואס בעטויבט אדער מאכט טעמפ.

tor'quate *a.* (טאהר'־קוועיט) אין זאאלאגיע — מיט א רינג פון פעדערען אדער האר ארום דעם האלז.

tor'quated *a.* (טאהר'־קוויי־טעד) ז. *torquate*

torque *n.* (טאהרק) א מין האלזבאנד פון שטייפען צוזאמענגעדרעהטען דראט [א מין ציערונג ביי די פארצייטיגע גאלען און גערמאנען].

torqued *a.* (טאהרקט) צוגעפלאכטען, צוזאמענגעדרעהט ווי דראט.

torreador' *n.* (טאר־ע־א־דאהר') ז. *toreador*

torrefac'tion *n.* (טאר־אי־פעק'־שאן) דאס בראטען, בראטונג, ברענונג.

tor'refy *v.* (טאר'־אי־פאי) בראטען, ברענען; טריקענען אויף'ן פייער.

Tor'rens sys'tem (טאר'־ענס סיס'־טעם) דאס סיסטעם צו רעגיסטרירען און צו בעשטעטיגען דורך דער רעגיערונג דאס רעכט אויף לאנד־אייגענטום, וואס איז איינגעפיהרט געווארען פון ראבערט טארענס אין דרום־אויסטראליען און איז שפעטער אנגענומען געווארען אין אנדערע ענגלישע קאלאניעס, ווי אויך אין איינוגע שטאאטען פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [דאס לאנד־בעזיץ ווערט צוערשט אונטערזוכט, בעשריבען און רעגיסטרירט פון א ספעציעלען בעאמטען און דער אייגענטימער בעקומט דאן אן אפיציעלען דאקומענט וואס גאראנטירט זיין רעכט אויף דעם לאנד. דיעזעלבע רעכטס־גאראנטיע בעקומט אויך די פערזאן וואס קויפט, דינגט אדער לייהט געלד אויף דעם לאנד].

tor'rent *n.* (טאר'־ענט) א שטארקער שטראם וואסער, א וואסערפאל, א קאסקאד; א מבול אדער שטראם פון ווערטער.

tor'rent-bow *n.* (טאר'־ענט־באו) א רעגענבויגען.

torren'tial *a.* (טא־רענ'־שעל) וואס איז שייך צו א שטראם; וואס גיסט ווי א שטראם; וואס בעקומט זיך פון אדער דורך א שטראם; פליסענד, שיטענד [מיט ווערטער].

torren'tially *adv.* (טא־רענ'־שעל־אי) פליסענדיג; ווי מיט א שטארקען שטראם.

tor'rentine *a.* (טאר'־ען־טין) ז. *torrential*

Torricel'lian *a.* (טאר־אי־סעל'־אי־ען) וואס איז שייך צום איטאליענישען פיזיקער טאריטשעלי [געב. 1608, געשט. 1647], וועלכער האט ערפונדען דעם באראמעטער און האט געמאכט אנדערע ענטדעקונגען אין דער פיזיק.

tor'rid *a.* (טאר'־איד) ברענענד, הייס [ספעציעל וועגען יענע ערד־טיילען, וואו עס איז זעהר הייס]; סמאליענדיג, בראטענדיג.

torrid'ity *n.* (טא־ריד'־אי־טי) הייסקייט, ברענענדיגקייט.

tor'ridness *n.* (טאר'־איד־נעס) ז. *torridity*

tor'rid zone (טאר'־איד זאון) אין געאגראפיע — די הייסע זאנע [דער קרייז ארום דער ערד צווישען די טראפיקען, וואו עס איז געוועהנליך זעהר הייס].

tor'rify *v.* (טאר'־אי־פאי) ז. *torrefy*

tor'rock *n.* (טאר'־אק) אזא מעווע אדער טשאיקע [א ים־פויגעל].

torsade' *n.* (טאהר־סייד') א זייל וואס איז געדרעהט ווי א ספיראל; א געדרעהטער שטריק.

tor'sal *n. and a.* (טאהר'־סעל) עפעס וואס שטעלט מיט זיך פאר א צוזאמענגעדרעהטע אדער צונויפגעראלטע זאך; איינער פון די שטעהענדע באלקענס אדער סלופעס אין א וואנד; וואס איז שייך צו א זאך וויקעלט זיך פאנאנדער.

torse *n.* (טאהרס) א צוזאמענגעדרעהטע שנור; אין מאטעמאטיק — דאס, וואס וויקעלט זיך פאנאנדער אין א פלעכע; דער טארס, א רומף פון א סטאטוע [דער קערפער פון א סטאטוע אהן דעם קאפ און אהן די הענד און פיס].

tor'sel *n.* (טאהר'־סעל) עפעס וואס האט א צונויפגעדרעהטע פארם; א געדרעהטע פערציערונג אדער ארנאמענט; א קלעצעל אדער ברעטעל אין א וואנד אויף וועלכען עס לעגט זיך ארויף דער ענד פון א באלקען.

torsibil'ity *n.* (טאהר־סי־ביל'־אי־טי) דאס קענען געדרעהט אדער צונויפגעדרעהט ווערען.

tor'sion *n.* (טאהר'־שאן) דרעהונג, ווינדונג; דאס דרעהען.

tor'sional *a.* (טאהר'־שאנ־על) וואס איז שייך צו דרעהונג אדער ווינדונג.

tor'sionally *adv.* (טאהר'־שאנ־על־אי) דורך דרעהונג; בנוגע צו דרעהונג.

tor'sionless *a.* (טאהר'-שאַנ-לעס) אהן דרעהונג.

tor'sive *a.* (טאהר'-סיוו) אין באטאניק — געדרעהט אין א ספּיראַלער פאָרם.

torsk *n.* (טאָהרסק) אזא דאָרש-פיש [אזא פיש, וואס געפינט זיך אין גרויסע מאסען ארום שאטלאנד. ווערט פיעל געברויכט אלס שפייז אין געזאלצענעם און געטריקענטען צושטאנד].

tor'so *n.* (טאָהר'-סאָו) דער טאָרס, דער רומפּ פון א סטאַטוע [דער קערפּער פון א סטאַטוע אהן דעם קאָפּ, הענד און פיס].

tort *n.* (טאָהרט) א שאדען, א היזק; אן אונרעכט.

tort'-fea'sor *n.* (טאָהרט'-פיע'-זאר) אין יוריספּרודענץ — דער וואס מאכט אן א שאדען אדער היזק; דער וואס טהוט אן אונרעכט.

torticol'lar *a.* (טאהר-טי-קאל'-אר) מיט אן אויסגעדרעהטען האלז; וואס ליידעט פון האלז-פערשטאַרונג [ווען דער קאָפּ איז אנגעבויגען אן א זייט און עס איז שווער איהם אומצודרעהען].

torticol'lis *n.* (טאהר-טי-קאל'-איס) האלז-פערשטאַרונג, האלז-פערשטייפונג [א קרענקליכער צושטאנד, ווען דער קאָפּ איז אנגעבויגען אן א זייט און עס איז שווער איהם צו קעהרען].

tor'tile *a.* (טאָהר'-טיל) צונויפגעדרעהט; אויסגעבויגען, איינגעבויגען; אין באטאניק — אויסגעדרעהט ווי א שטריק.

tortil'ity *n.* (טאהר-טיל'-אי-טי) געדרעהטקייט, דאס זיין געדרעהט.

tor'tious *a.* (טאָהר'-שאס) שעדליך; שעדיגענד; וואס האט דעם כאראַקטער פון א שאדען אדער היזק.

tor'tiously *adv.* (טאָהר'-שאס-לי) אויף א שעדיגענדען אופן.

tor'tive *a.* (טאָהר'-טיוו) צוזאמענגעדרעהט [ווי א שטריק].

tor'toise *n.* (טאָהר'-טיס) א טשערעפּאַכע, א שילדקראָט [ז. *turtle*]; א בעוועגליכער דאך [ווי דער אלט-רוימישער שטורם-דאך. ז. *testudo*].

tor'toise-shell *n. and a.* (טאָהר'-טיס-שעל) טשערעפּאַכע-ביין, דער ביינינער שילד אדער שופּ פון געוויסע טשערעפּאַכעס; א קאץ מיט שווארצע און געלבע פלעקען; א זומער-פויגעלע וואס האט דעם קאָליר פון טשערעפּאַכע-ביין; געמאכט פון טשרעפּאַכע-ביין.

tor'tulous *a.* (טאָהר'-טשו-לאס) גע-דרעהט, צוזאמענגעדרעהט [ווי א שטריק אדער שנור].

tortuos'ity *n.* (טאהר-טשו-אס'-אי-טי) געדרעהטקייט, געשלענגעלטקייט.

tor'tuous *a.* (טאָהר'-טשו-אס) געדרעהט; געשלענגעלט; פערדארבען [מאראַליש].

tor'tuously *adv.* (טאָהר'-טשו-אס-לי) אויף א געדרעהטען אדער געשלענגעלטען אופן.

tor'tuousness *n.* (טאָהר'-טשו-אס-נעס) ז. *tortuosity*.

tor'turable *a.* (טאָהר'-טשור-עבל) וואס קען געפּייניגט ווערען.

tor'turableness *n.* (טאָהר'-טשור-עבל-נעס) דאס קענען געפּייניגט ווערען.

tor'ture *n. and v.* (טאָהר'-טשור) פּייניגונג, קוועלונג; יסורים, געברענטע לייד; פּייניגען, אנטהאן יסורים.

tor'turer *n.* (טאָהר'-טשור-ער) א פּייניגער, איינער וואס טהוט אן יסורים.

tor'turing *a.* (טאָהר'-טשור-אינג) פּייניגענד, קוועלענד.

tor'turingly *adv.* (טאָהר'-טשור-אינג-לי) אויף א פּייניגענדען, קוועלענדען שטייגער.

tor'turous *a.* (טאָהר'-טשור-אס) פּייניגענד, קוועלענד; וואס טהוט אן יסורים.

Tor'ula *n.* (טאָר'-או-לא) דער מין מיקראָסקאָפּישע שוועמלעך וואס רופען ארויס געהרונג אדער אירונג [ווי פון ביער, וויין א. ד. ג.].

tor'ula *n.* (טאָר'-או-לא) אין באטאניק — א קליינער בלומען-באָדען [ז. *torus*]; אין ביאלאָגיע — א קייט פון ספערישע אדער קוגעל-פערמיגע באַקטעריען [ווי א שנור פּערל].

tor'uliform *a.* (טאָר'-או-לי-פאָרם) ז. *moniliform*.

tor'uloid *a.* (טאָר'-או-לאיד) וואס איז שייך צו דעם מין מיקראָסקאָפּישע שוועמלעך, וועלכע רופען ארויס געהרונג אדער איהרונג.

tor'ulose *a.* (טאָר'-או-לאָוס) אין באַטאַניק — קנאָטיג, קניפּעלדיג [ווענען די שטענגלעך פון געוויסע פּלאַנצען].

tor'ulous *a.* (טאָר'-או-לאס) ז. *torulose*.

tor'up *n.* (טאָהר'-אַפּ) א מין נאָרד-אַמעריקאַנישע גרויסע טשערעפּאַכע אדער שילדקראָט.

to'rus *n.* (טאָו'-ראס) אין ארכיטעקטור — דער אונטערשטער האלב-רונדער געזימס פון א זייל; אין באטאניק — דער בלומען-באָדען [דער טייל פון א פּלאַנצע, אויף וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א בלום]; אין אנאַטאָמיע — א גלאטע פּערראונדעטע און לאנגע ארויסשטארצונג [ווי פון א מוסקול].

To'ry *n. and a.* (טאָו'-רי) א טאָרי, א מיטגליעד פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אין ענגלאנד; אין דער אמעריקאַנער געשיכטע — אן אנהענגער פון דער ענגלישער רעגיערונג אין די אמעריקאַנער קאָלאָניעס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן געגען ענגלאנד; א קאָנסערוואַטאָר, א מאָנאַרכיסט; וואס איז שייך צו א טאָרי.

to'ryism *n.* (טאָו'-רי-איזם) טאָריאיזם, די פּרינציפּען אדער מעטאָדען פון די טאָריס. ז. *Tory*.

tos'ca *n.* (טאָס'-קא) א מין ווייבער קאָלד-שטיין פון דרום-אַמעריקא.

toss *v. and n.* (טאָס) ווארפען, שליידערען; א ווארף טהאן אין דער הויך, א שנאָל טהאן, שנעלען; אומווארפען היין און צוריק, פּאָנאַנדערשאַקלען, טרייסלען; ברענגען אין אויפרעגונג, שטארק בעאונרוהיגען; שנעל אבטהאן עפּעס; האסטיג אריינגיסען [א טרונק בראָנפען]; זיך טרייסלען, זיך שאקלען; זיך ווארפען היין און הער, אריבערגעהן פון איין געגענשטאנד אויף א צווייטען [ווי אין א געשפּרעך אדער ויכוח]; א ווארף, א שטויס, א שליידער, א טרייסעל; א שנעלער שאָקעל מיט'ן קאָפּ; אן אויפרוהר, אן אויפרעגונג.

tos'sel *n.* (טאָס'-על) ז. *torsel*.

toss'er *n.* (טאָס'-ער) א ווארפער, א שליידערער.

tos'sicated *a.* (טאָס'-אי-קיי-טעד) ז. *tosticated*.

toss'ily *adv.* (טאָס'-אי-לי) מאכענדיג מיט'ן קאָפּ [אלס אן אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אדער פעראַכטונג].

toss'ing *n.* (טאָס'-אינג) דאס טרייסלען, דאס אומווארפען היין און הער.

toss off (טאָס אָף) אויסטרינקען ביז'ן דעק; אבשטופּען [די צייט].

toss'-pot *n.* (טאָס'-פּאָט) א טרינקער, א זויפער, א שכור.

toss up (טאָס אַפּ) שנעל צוגרייטען [צום קאָכען]; ווארפען אין דער הויך [א מטבע], שפּיעלען אין קאָפּ און אדלער [מיט מטבעות].

toss'-up *n.* (טאָס'-אַפּ) דאס ווארפען אין דער הויך א מטבע [ביים שפּיעלען אין קאָפּ און אדלער]; א גלייכער שאַנס צו געווינען.

toss'y *a.* (טאָס'-אי) שאָקלענד מיט'ן קאָפּ [אלס אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אדער פעראכטונג].

tost (טאָסט) געווארפען, געשליידערט, גע-שטויסען א- ז. וו. ז. *toss*

tos'ticated *a.* (טאָס'-טי-קיי-טעד) בע-זויפען, שכור.

to'sy *a.* (טאָו'-זי) וואליג, פון וואל; ווייך.

tot *n. and v.* (טאָט) א קליין קינד; די גאנצע סומע, די גאנצע מאסע; א חבור, א סומע; צוזאמענרעכנען, צונויפ'חשבונ'ען.

to'tal *a., n. and v.* (טאָו'-טעל) גאנץ; גענצליך, פול; טאָטאל, פאלשטענדיג, אבסאלוט; די גאנצע סומע, דער סך-הכל; צוזאמענרעכנען, מאכען דעם סך הכל.

to'tal ab'stinence (טאָו'-טעל עב'-סטי-נענס) א פאלשטענדיגעם אבהאלטען זיך פון טרינקען אדער שכור'ען.

to'tal amount' (טאָו'-טעל עמאונט') דער פאלשטענדיגער אדער ענדליכער סך-הכל.

totalisa'tion *n.* (טאָו-טעל-אי-זיי'-שאַן) ז. *totalization*.

totalisa'tor *n.* (טאָו-טעל-אי-זיי'-טאָר) ז. *totalizator*.

to'talise *v.* (טאָו'-טעל-איז) ז. *totalize*.

to'taliser *n.* (טאָו'-טעל-אי-זער) ז. *totalizator*.

total'ity *n.* (טאָ-טעל'-אי-טי) די גאנצע סומע, דאס גאנצע; די גאנצקייט; אין אסטראנאָמיע — א פאלשטענדיגע פערפינסטערונג, א פאלשטענדיגע לקוי חמה אדער לקוי לבנה.

totaliza'tion *n.* (טאָו-טעל-אי-זיי'-שאַן) דאס מאכען דעם סך-הכל.

totaliza'tor *n.* (טאָו-טעל-אי-זיי'-טאָר) א טאָטאַליזאַטאָר, אזא אפּאַראַט וואס ווערט בענוצט אויף א וועט-לויף פון פערד, צו רעגיסטרירען דעם סך-הכל פון דעם וועט-געלד וואס איז איינגעלעגט געווארען אויף יעדען פערד.

to'talize *v.* (טאָו'-טעל-איז) טאָטאַליזירען, אונטערפיהרען דעם סך הכל; בענוצען דעם טאָטאַליזאַטאָר [ז. *totalizator*].

to'talizer *n.* (טאָו'-טעל-אי-זער) ז. *totalizator*.

to'tally *adv.* (טאָו'-טעל-אי) פאלשטענדיג, גענצליך, דורכאויס.

to'talness *n.* (טאָו'-טעל-נעס) גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט.

tota'ra *n.* (טאָ-טאַ'-רא) די טאָטאַרא, אזא בוים פון ניי-זעעלאנד מיט א רויטליכען זעהר גוטען האלץ.

tot'-book *n.* (טאָט'-בוק) א בוך מיט איבונגען אין חשבונ'ען.

tote *v. and n.* (טאָוט) טראָגען, טראָגען אויף זיך; שלעפּען [געהילץ]; רעכענען; דאס גאנצע, די גאנצע צאָהל; דאס הענטעל פון א סטאָליאַר'ס הובעל.

tote fair (טאָוט פעהר) האנדלען אויפריכטיג, זיין עהרליך.

tote'-load *n.* (טאוט'-לאוד) אזוי פיעל ווי פיעל איינער קען טראגען.

to'tem *n.* (טאו'-טעם) א טאטעם [א נאטור-געגענשטאנד, הויפטזעכליך א חיה, וואס ווערט בעטראכט ביי ווילדע פעלקער אלס עמבלעם פון א שבט, פאמיליע אדער פערזאן און ווערט פערהייליגט ביי זיי]; א בילד פון א טאטעם [ווערט געוועהנליך געטראגען אויף די קליידער אדער ווערט געמאלען אויף דעם קערפער פון די מיטגליעדער פון דעם שבט אדער פאמיליע].

totem'ic *a.* (טא-טעמ'-איק) וואס איז שייך צו א טאטעם, בעצייכענט דורך א טאטעם, פון איין שבט אדער פאמיליע. ז. *totem*

to'temism *n.* (טאו'-טעמ-איזם) טאטעמיזם, געברויך פון טאטעמס, פערהייליגונג פון טאטעמס, רעליגיעזע צערעמאניעס אין פערבינדונג מיט טאטעמס; פעטישיזם. ז. *totem*

to'temist *n.* (טאו'-טעמ-איסט) איינער וואס איז בעצייכענט דורך א טאטעם; א מיטגליעד פון א ווילדען שבט אדער פאמיליע וואס איז פערבונדען מיט די אנדערע מיטגליעדער דורך אן אלגעמיינעם טאטעם אדער עמבלעם. ז. *totem*

totemis'tic *a.* (טאו-טע-מיס'-טיק) ז. *totemic*

to'tem post (טאו'-טעם פאוסט) א טאטעם-סלופ, א שטאנג אדער סלופ מיט אויסגעקריצטע טאטעמס. ז. *totem*

to'temy *n.* (טאו'-טעמ-אי) ז. *totemism*

tote'-road *n.* (טאוט'-ראוד) א וועג, איבער וועלכען עטוואס ווערט געטראגען אדער געשלעפט [ווי געהילץ].

to the halves (טו טהי האווז) לחצאין, אויף העלפט.

t'oth'er *pr.* (טאטה'-ער) א פעראייניגפאכונג פון די ווערטער *the other* [און אנדערער].

toth'er *pr.* (טאטה'-ער) ז. *t'other*

tot'idem ver'bis (טאט'-אי-דעם וואיר'-בים) אין דערזעלבער צאהל ווערטער, מיט דיעזעלבע ווערטער.

to'ties quo'ties (טאו'-שי-איז קהוואו'-שי-איז) איינס אזוי אפט ווי דאס אנדערע.

totipal'mate *a.* and *n.* (טאו-טי-פעל'-מייט) אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך [וועגען די פים פון פויגלען]; וואס די פים זיינען ביי זיי אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך [וועגען פויגלען]: א פויגעל, ביי וועלכען די פים זיינען אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך.

totipalma'tion *n.* (טאו-טי-פעל-מיי'-שאן) פאלשטענדיגע בעוועבונג אדער בעדעקונג מיט שווים-הייטלעך [וועגען די פים פון א פויגעל].

tot'itive *n.* (טאט'-אי-טיוו) א קלענערע צאהל וואס האט ניט קיין געמיינשאפטליכען טיילער [א צאהל, אויף וועלכער עס ווערט געטיילט] מיט אן אנדער צאהל, אויסער 1.

to'to cæ'lo (טאו'-טאו סיע'-לאו) דורך דעם גאנצען הימעל, ווייט פערשיעדען [ווי מזרח פון מערב], פאלשטענדיג ענטגעגענגעזעצט.

tot'-o'er-seas *n.* (טאט'-אור-סיעז) אזא פויגעל.

tot'ter *v.* (טאט'-ער) זיך וויעגען, זיך וואקלען, זיך טרייסלען; זיך שאקלען צום פאלען.

tot'terer *n.* (טאט'-ער-ער) איינער אדער עפעס וואס וואקעלט זיך, וויעגט זיך, שאקעלט זיך, טרייסעלט זיך אדער האלט ביים פאלען.

tot'tering *a.* (טאט'-ער-אינג) זיך וויעגענד, זיך וואקלענד, זיך שאקלענד; זיך שאקלענד צום פאלען.

tot'teringly *adv.* (טאט'-ער-אינג-לי) וואקעלדיג, טרייסעלדיג, זיך שאקלענדיג, האלטענדיג ביים פאלען, אונזיכער.

tot'tery *a.* (טאט'-ער-אי) וואקעלדיג, טרייסעלדיג, שאקעלדיג, אונזיכער.

tot'tlish *a.* (טאט'-ליש) שאקעלדיג, וואקעלדיג.

tot'ty *a.* (טאט'-אי) וואקעלדיג, טרייסעלדיג, אונזיכער, קאפ-שווינדלענד.

tou'can *n.* (טוה'-קען) א טוקאן אדער פעפער-פרעסער [אזא פויגעל מיט אן אונגעהויערען גרויסען שנאבעל].



Toucan

Tou'can *n.* (טוה'-קען) אזא קליינע שטערן-גרופע וואס ווערט געזעהן פון דעם דרום'דיגען האלב-קוגעל פון דער ערד.

toucanet' *n.* (טוה-קע-נעט') אזא קליינער טוקאן. ז. *toucan*

toucang' *n.* (טוה-קאנג') אזא שיפעל וואס ווערט געברויכט אין מאלאקא און אין סינגאפור [אין דרום-מזרח פון אזיען].

touch *v.* and *n.* (טאטש) 1. טאפען, פיהלען, אנריהרען; 2. קומען אין בעריהרונג, ברייגגען אין בעריהרונג; 3. קומען נאהענט, דערגרייכען ביז...; זיך פערגלייכען מיט...; 4. לייכט בעריהרען, פארבייגעהענדיג בעמערקען, לייכט פאריבערגעהן; 5. שעדיגען, בעלעסטיגען; 6. א שפיעל טהאן אויף אן אינסטרומענט; שפיעלען אויף אן אינסטרומענט; 7. ריהרען, ווירקען; 8. לייכט אנגרייפען; 9. לייכט צייכנען, אנווארפען, סקיצירען; רעטושירען; צוגעבען א שטריך דא און דארט ביים ארויסענדיגען; 10. האבען א שייכות; בעריהרען, אנגעהן; 11. געניסען, פערזוכען [שפייז אדער געטרענקע]; 12. אנשטעקען דורך בעריהרונג, בעשעדיגען, פערפלעקען; 13. בעזוכען אדער זיך אבשטעלען פארבייגעהענדיג אדער פארבייפאהרענדיג; 14. קילען, זיך בעוועגען היין און הער [וועגען שיפס-זעגלען]; 15. טאפונג, פיהלונג, אנריהרונג; בעריהרונג; 16. א קורצער, לייכטער קלאנג; 17. אן אנווינקונג, אן אנדייטונג, א וואונק; 18. א שטריך; א פינזעל-שטריך [אין מאלעריי]; 19. א שאטירונג; א ביסעל; 20. א פלעק; 21. א לייכטער אנגריף אדער אנפאל פון א קראנקהייט; 22. א כאראקטער-שטריך; 23. געשיקטקייט, קינסטלערישע געשיקטקייט אדער ערפילונג; 24. א געוויסע סומע; 25. א פרוביר-שטיין; א פראבע, א פראבע-צייכען, א פראבע-שטעמפעל.

3. Nobody can **touch** him or come near him. 4. We hardly **touched** the subject in our conversation. 7. He is never **touched** by tears. 8. His pride was **touched** by my remarks. 13. On our journey we **touched** several towns. 19. There was a **touch** of humor in his remarks. 21. He has a **touch** of consumption. 23. The violinist has a remarkably fine **touch**.

touch'able *a.* (טאטש'-עבל) בעריהרבאר, וואס קען בעריהרט ווערען, וואס מען קען אנריהרען; וואס קען קומען אין בעריהרונג; וואס מען קען פיהלען אדער אנטאפען.

touch'ableness *n.* (טאטש'-עבל-נעס) בעריהרבארקייט, פיהלבארקייט.

touch and go (טאטש ענד גאו) לייכט בעריהרען פערבייגעהענדיג; זיך אויף א וויילע אבשטעלען; אנריהרען דעם באדען פערבייגעהענדיג [וועגען א שיף].

touch'-and-go' *a.* and *n.* (טאטש'-ענד-גאו') 1. וואס הענגט אויף א האר, ריזיקאליש, אונזיכער; 2. אויבערפלעכליך, געמאכט אבי-ווי אדער אין איילעניש; 3. אן אונזיכערע לאגע, דאס הענגען אויף א האר.

2. The job was done in a **touch-and-go** manner.

touch'-bod'y *n.* (טאטש'-באד'-אי) ז. *touch-corpuscle*

touch bot'tom (טאטש באט'-אם) אנריהרען דעם דעק; קומען ביז דער נידריגסטער שטופע [הויפטזעכליך וועגען א פרייז].

touch'-box *n.* (טאטש'-באקס) א קאסטען מיט צינד-מאטעריאל פאר די פארצייטיגע קאנאנען.

touch'-cor'puscle *n.* (טאטש'-קאהר'-פאסל) איי-פערמיגע קניילכלעך צו ענדע פון די פיהל-נערוועז, מיט דער הילף פון וועלכע מען פיהלט אדער מען טאפט אן.

touch'-down *n.* (טאטש'-דאון) אין פוס-באל-שפיעל — דאס דערגרייכען מיט'ן באל איבער דעם געגנער'ס ציעל.

touch el'bows (טאטש על'-באוז) זיין אין נאהענטע בעציהונגען, זיין אינטים.

touch'er *n.* (טאטש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס ריהרט אן; א געשיקטער בוינען-שיסער; איינער וואס טרעפט ריכטיג אין ציעל.

touch'-hole *n.* (טאטש'-האול) דאס צינד-לאך פון א שיס-געוועהר.

touch'ily *adv.* (טאטש'-אי-לי) אויף אן עמפפינדליכען, רייצבארען אופן; ווערענדיג לייכט אויפגערעגט; זיך לייכט בעליידיגענדיג, ציטעריג.

touch'iness *n.* (טאטש'-אי-נעס) רייצבארקייט, אויפרעגבארקייט; ציטערינקייט; עמפפינדלכקייט; דאס ווערען לייכט אויפגערעגט אדער בעליידיגט.

touch'ing *a.*, *n.* and *prep.* (טאטש'-אינג) 1. ריהרענד, פאטעטיש; 2. ריהרונג, אנריהרונג; פיהלונג, אנטאפונג; 3. אין בעצוג צו...

1. The father's departure was a **touching** scene. 2. **Touching** food with one's hands is improper. 3. I came to see you **touching** the sale of my lot.

touch'ingly *adv.* (טאטש'-אינג-לי) ריהרענד, פאטעטיש.

touch'ingness *n.* (טאטש'-אינג-נעס) דאס זיין ריהרענד, פאטעטישקייט.

touch'ing stuff (טאטש'-אינג סטאף) אזא רעטושיר-שטאף פאר גראוויר-פלאטען [צו פערשמירען די טונקעלע פלעצער].

touch'less *a.* (טאטש'-לעס) וואס האט ניט דעם חוש המשוש, וואס קען ניט אנטאפען אדער פיהלען דורך בעריהרונג.

touch me not (טאטש מי נאט) ז. *touch-me-not*

touch'-me-not *n.* (טאטש'-מי-נאט) ריהר-מיך-ניט-אן [אזא פלאנצע, וועמענס זאמען-קאפסולען ווערען צופלאצט, ווען

מען ריהרט זיי אן]; אזא הויט־אויסשלאג. ז. *noli-me-tangere*.

Touch-me-not

touch'-nee'dle *n.* (טאטש'-ניע'דל) א פּרוביר־נאדעל, א פּרוביר־שטיפט [א מין נאדעל צום פּרובירען גאלד].

touch on (טאטש אן) לייכט בעריהרען [א פראגע, א געגענשטאנד], פארביינגעהענדיג מאכען א בעמערקונג.

touch'-pa'per *n.* (טאטש'-פּיי'-פּער) צינד־פּאפּיער [פּאפּיער אנגעזאפּט מיט סאלפּעטער, וואס ברענט זעהר לאנגזאם און ווערט געברויכט צום אויפרייסען פּולווער און אנדערע עקספּלאדירענדע שטאפען].

touch'piece *n.* (טאטש'-פּיעס) א מטבע אדער מעדאל וואס די פּארצייטיגע ענגלישע קעניגע פּלעגען געבען צו שקראפעל־ליידענדע, וועמען זיי האבען אנגעריהרט [די קעניגליכע בעריהרונג איז בעטראכט געווארען אלס מיטעל געגען שקראפעל]. ז. *king's evil*.

touch'stone *n.* (טאטש'-סטאון) 1. א פּראביר־שטיין [א מין דונקעלער שטיין צום פּרובירען טייערע מעטאלען]; 2. א פּרוביר־מיטעל.

2. The use of other people's money is often the touchstone of honesty.

touch upon' (טאטש א-פּאן') ז. *touch on*.

touch'wood *n.* (טאטש'-הוואוד) צונטער, צונטער־האלץ, צוגעפוילטעס האלץ; דער פייער־שוואם [אזא שוואם].

touch'y *a.* (טאטש'-אי) רייצבאר, אויפרעגבאר, וואס ווערט לייכט אויפגערייצט אדער אויפגערעגט; וואס בעליידיגט זיך לייכט; ציטעריג; אין דעקאראציאנען — געמאכט פון פינטלעך און געבראכענע ליניען.

tough *a.* and *n.* (טאף) 1. בויגזאם; 2. שטייף, הארט; 3. פעסט, שטארק; 4. פער'עקשנ'ט; ניט נאכגיעביג; 5. שוויעריג, מיהזאם, שווער; 6. גוואלטיג, בייז, שטרענג; 7. קלעפּיג, ציהיג; א גראבער יונג, א יונגאטש, א פערדארבענער נפש.

1. A tough cudgel. 2. The meat was so tough that we could not cut it. 5. It was a tough job to persuade him. 6. He gave him a tough rebuke.

tough'-cake *n.* (טאפ'-קייק) גאר־קופּער, ראפינירטער קופּער.

tough'en *v.* (טאפן) שטייף ווערען, הארט ווערען; שטייף מאכען, הארט מאכען.

tough'ening *n.* (טאפ'-נינג) פערהארטונג, פערשטייפונג; קופּער־ראפינירונג.

tough'ly *adv.* (טאפ'-לי) אויף א הארטען, שטייפען שטייגער; מיט עקשנות; מיט גראבקייט; אויף א בייזען אדער שטרענגען שטייגער.

tough'ness *n.* (טאפ'-נעס) בויגזאמקייט; שטייפקייט, הארטקייט; קלעפּעדיגקייט; שטארקייט; פעסטקייט; גראבקייט; בייזקייט; עקשנות, שווערקייט, שוויעריגקייט, מיהזאמקייט.

toup *n.* (טוהפּ) אזא זעגעל־שיף, וואס ווערט געברויכט פון די איינוואהנער פון די מאלאאישע אינזלען.

toupee' *n.* (טוה-פּיע') דאס טופּעט, דאס שטערן־האר [א געקרייזטער לאקען אדער טשוב פון אייגענע אדער פאלשע האר, הויפּטזעכליך אויף'ן שפּיץ קאפּ]; א פּארוק מיט א טופּעט; א ביסעל פאלשע האר צו פערדעקען א קליינעם פּליך.

toupet' *n.* (טוה-פּיי') א טופּעט [ז. *toupee*]; אזא סיניצע וואס האט א טשוב אויף'ן קעפּעל [ז. *titmouse*].

tour *n.* and *v.* (טוהר) א טור, א רייזע, א רונד־רייזע, א רונד־גאנג; א רייזע פון איין ארט צום צווייטען; אן ארבייטס־שיכט, אן אטשערעד, א רייה [אין ערפילען א פליכט]; מאכען א טור.

tourbil'lion *n.* (טוהר-ביל'-יאן) א פייער־ווירבעל, א ווירבעל־פייערווערק [אזא פייערווערק, וואס נעהמט אן די פארם פון א ספּיראל־ארטיגען זייל].

tour de force (טוהר דע פאורס) א קונץ־שטיק פון קראפט אדער געשיקטקייט.

tour de maî'tre (טוהר דע מייטר) א געוויסע מעטאדע אין געברויכען ביי מענער דעם קאטעטער [אן אינסטרומענט צום אבציהען השתנה].

tour'ism *n.* (טוהר'-איזם) דאס פאהרען אויף א לוסט־רייזע.

tour'ist *n.* (טוהר'-איסט) א טוריסט, א רייזענדער, א לוסט־רייזענדער.

touris'tic *a.* (טו-ריס'-טיק) טוריסטיש, וואס איז שייך צו א טוריסט [לוסט־רייזענדען] אדער צו לוסט־רייזען.

tour'malin *n.* (טוהר'-מע-לין) דער טורמאלין, אזא עדעלשטיין. ז. איל. *"Gems"*.

tour'maline *n.* (טוהר'-מע-לין) ז. *tourmalin*.

tour'nament *n.* (טוהר'-נע-מענט) א טורניר, א ריטערליכער ועט־קאמפּף; א ועט־קאמפּף צווישען רייטער, וועלכע דארפען אין פולען גאלאפּ אנכאפּען אויף זייער שפּיזען א צאהל רינגען, וואס הענגען איבער זייער קאפּ; א וועט־קאמפּף [ווי פון שאך־שפּיעלער].

tour'nay *n.* (טוהר'-ניי) אזא צייג וואס ווערט בענוצט צו בעשלאגען מעבעל.

tour'ney *n.* and *v.* (טוהר'-ני) א טורניר, א ריטערליכער וועט־קאמפּף; נעהמען אנטייל אין א טורניר.

tour'niquet *n.* (טוהר'-ני-קעט) א טורניקעט, א כירורגישער אינסטרומענט וואס דריקט אויף א בלוט־אדער צו פערהאלטען א בלוט־פלוס.

tournure' *n.* (טוהר-ניור') א טורניר, א רונדעס קישעלע אונטער דעם קליידעל פון א פרוי, כדי צוצוגעבען די היפטען א רונדע פארם; דער קאנטור, די פיגור, דאס געשטאלט.

tou'sle *v.* (טאוזל) צושויבערען [די האר], ברייגנען אין אונארדנונג [די קליידער].

tou'sy *a.* (טאו'-זי) מיט צוואוארפענע, צושויבערטע האר; ניט אין ארדנונג [וועגען די קליידער].

tout *v.* and *n.* (טאוט) נאכקוקען, אויסשפּיאנירען [בעזאנדערס נאכקוקען נאך וועט־לויף־פערד בעת מען דרעסירט זיי, כדי ארויסצוגעבען פאר איינעם וואס לעגט איין געלד אין געוועט, וועלכעס פערד איז בעסער]; זוכען אריינצוכאפּען קונים אדער געסט אין א האטעל; איינער וואס שפּיאנירט נאך וועט־לויף־פערד; איינער וואס זוכט אריינצוכאפּען קונים אין א קראם אדער געסט אין א האטעל.

tout ènsem'ble (טוהט אנ-סאנ'בל) אלץ צוזאמען גענומען; דאס גאנצע.

The tout ensemble of the play was admirable.

tou'ter *n.* (טאו'-טער) איינער וואס זוכט אריינצוכאפּען קונים אין א קראם אדער געסט אין א האטעל.

tow *v.* and *n.* (טאו) שלעפּען, ציהען; שלעפּען מיט א שטריק א שיף איבער'ן וואסער; דאס שלעפּען, דאס ציהען [מיט א שטריק]; פּאקולעס [דער גראבער אבפאל פון פלאקס].

tow'age *n.* (טאו'-עדזש) דאס ציהען א שיף [מיט א שטריק]; געצאהלט פאר דעם ציהען א שיף איבער'ן וואסער.

tow'ard *prep.* and *a.* (טאו'-ארד) אין דער ריכטונג צו; צו, נאך; בנוגע צו; פאר; אלס א מיטעל פאר א געוויסען צוועק; נאהענט, ביי, נעבען, ארום; וויליג צו טהאן עפּעס, פאלגזאם, געהארכזאם.

tow'ardliness *n.* (טאו'-ארד-לי-נעס) וויליגקייט, פאלגזאמקייט, געהארכזאמקייט.

tow'ardly *a.* (טאו'-ארד-לי) וויליג, פאלגזאם, געהארכזאם.

tow'ardness *n.* (טאו'-ארד-נעס) ז. *towardliness*.

tow'ards *prep.* and *adv.* (טאו'-ארדז) צו, נאך; געגען; ביי, נאהענט.

tow'boat *n.* (טאו'-באוט) א שלעפּ־שיף, א בוקסיר־שיף [א שיף וואס דיענט צו שלעפּען אנדערע שיפען].

tow'el *n.* and *v.* (טאו'-על) א האנד־טוך; אזא טיש־טוך, מיט וועלכען מען בעדעקט דעם אלטאר אין א קירך; אבווישען מיט א האנדטוך; בענוצען א האנדטוך; שלאגען, אנברעכען די ביינער.

tow'el-horse *n.* (טאו'-על-האהרס) א געשטעל אויפצוהענגען א האנדטוך.

tow'eling *n.* (טאו'-על-אינג) מאטעריאל וואס ווערט געברויכט פאר האנד־טיכער; דאס אנשלאגען, דאס אנברעכען די ביינער.

tow'el-rack *n.* (טאו'-על-רעק) ז. *towel-horse*.

tow'er *n.* and *v.* (טאו'-ער) א טורם, א פעסטונג, א ציטאדעל; אין מיליטער — א הויכע בעוועגליכע הילצערנע געביידע, פון וועלכער מען פלעגט אמאל שטורמען פעסטונגען; א מין הויכער קאפּ־שלייער, וואס פרויען פלעגען טראגען אין אמאליגע צייטען; זיך ערהויבען אין דער הויך ווי א טורם; פליהען אין א גלייכער ריכטונג ארויף [ווי געוויסע פויגלען].

tow'er-clock *n.* (טאו'-ער-קלאק) א טורם־זייגער, א גרויסער זייגער אין דער וואנד פון א הויכער עפענטליכער געביידע, ווי א טורם, א קירך א. ד. ג.

tow'ered *a.* (טאו'-ערד) מיט טורמס.

tow'ering *a.* and *n.* (טאו'-ער-אינג) הויך; ערהאבען, גרויס; דאס הויבען זיך אין דער הויך ווי א טורם; דאס פליהען אין א גראדער ליניע ארויף [וועגען א טויטליך־פערוואונדעטען פויגעל].

tow'er-mill *n.* (טאו'-ער-מיל) א טורם־מיהל, א האלענדישע ווינדמיהל [אזא ווינד־מיהל, ביי וועלכער עס דרעהט זיך פון ווינד נור דער אויבערשטער טייל און ניט די גאנצע געביידע].

Tow'er of Lon'don (טאו'-ער אוו לאנ'-דאן) די פעסטונג אין לאנדאן, וואס האט אמאל געדיענט אלס דער קעניגליכער פאלאץ, דערנאך אלס טורמע פאר פאליטישע פערברעכער און איצט אלס ארסענטאל און קאזארמעס פאר סאלדאטען.

tow'er of si'lence (טאו'-ער אוו סאי'-לענס) אזא רונדער טורם, וואו די פארסען [ז. *Parsee*] לעגען זייערע טויטע אום רויב־פויגלען זאלען אויפעסען זייער פלייש.

tow'er-owl *n.* (טאו'-ער-אול) די טורם־אוילע [אזא נאכט־פויגעל, וועלכער מאכט געוועהנליך זיין נעסט אין א טורם].

tow'ery *a.* (טאו'-ער-אי) הויך; דערהויבען אין דער הויך ווי א טורם.

tow'head *n.* (טאו'-העד) איינער וועמעס האר זיינען ווי פלאקס; איינער מיט קאלטענעוואטע האר ווי פאקולעס.

tow'-head'ed *a.* (טאו'-העד'-עד) מיט קאלטענעוואטע האר ווי פאקולעס.

tow'ing *n.* (טאו'-אינג) דאס בוקסירען, דאס שלעפען, דאס ציהען [ווי א בוקסיר־שיף]; דאס פאנאנדערנעהמען די האר אין קליינע בינטלעך אום זיי צו מאכען געקרייזט [ביים מאכען פארוקען, צעפ אדער אנדערע האר־ארבייטען].

tow'ing-bitts *n.* (טאו'-אינג-ביטס) די שטעהענדע קלעצער אויף א בוקסיר־שיף, אן וועלכע עס איז אנגעבונדען דער שטריק, וועלכער שלעפט א שיף, א פליט, א נעץ א. ד. ג.

tow'ing-bri'dle *n.* (טאו'-אינג-בראי'דל) אן אייזערנער שטאנג, וואס איז פון ביידע זייטען צוגעשלאגען צום דעק פון א בוקסיר־שיף, מיט א האקען אדער קרוק אין מיטען, כדי אנצוהאלטען דעם שטריק, וואס שלעפט א שיף, א פליט א. ד. ג.

tow'ing-hook *n.* (טאו'-אינג-הוק) דער האקען אדער קרוק אויף דעם אייזערנעם שטאנג פון א בוקסיר־שיף. ז. *towing-bridle*.

tow'ing-path *n.* (טאו'-אינג-פעטה) א שלעפ־וועג, א ציה־שטעג [דער שטעג אויף'ן ברעג פון א טייך, איבער וועלכען מען שלעפט שיפען].

tow'ing-rope *n.* (טאו'-אינג-ראופ) ז. *tow-line*.

to wit (טו וויט) נעמליך.

tow'-line *n.* (טאו'-לאין) א ציה־שטריק, א שלעפ־שטריק.

town *n.* and *a.* (טאון) א שטאדט; אין אמעריקא — די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שטאדט אהן בעזונדערע פריווילעגיען [אין געגענזאץ צו *city*, וואס בעדייטעט אן אינקארפארירטע שטאדט מיט ספעציעלע פריווילעגיען]; די שטאדטישע בעפעלקערונג; א שטאדט־געמיינדע; א שטאדט־בעצירק; שטאדטיש, וואס איז שייך צו א שטאדט.

town'-ad'jutant *n.* (טאון'-עדזש'-או-טענט) אין מיליטער — דער פלאץ־אדיוטאנט, אן אפיציער וואס דארף אויפהאלטען די דיסציפלין א. ד. ג.

town clerk (טאון קלוירק) א בעאמטער וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די אפיציעלע דאקומענטען פון שטאדט.

town'-coun'cil *n.* (טאון'-קאונ'-סיל) די מוניציפאליטעט פון א שטאדט [אין ענגלאנד].

town'-coun'cilor *n.* (טאון'-קאונ'-סיל-אר) א מיטגליעד פון א מוניציפאליטעט [אין ענגלאנד].

town cri'er (טאון קראי'-ער) דער שטאדט־אויסרופער, איינער וואס פערעפענטליכט מודעות און ערקלערונגען.

town'folk *n.* (טאון'-פאוק) שטאדטישע לייט, שטאדטישע איינוואהנער.

town gate (טאון גייט) א שטאדט־טויער, א בראם.

town hall (טאון האהל) א שטאדט־זאל, א גרויסער זאל אדער געביידע, וואס בעלאנגט צו דער שטאדט און וואו עס ווערען אפט געהאלטען עפענטליכע פערזאמלונגען.

town house (טאון האוס) דאס ראטה־הויז; א שטאדט־זאל; א שטאדט־געפענגניס, א שטאדט־טורמע; דאס הויז פאר ארימע, דער הקדש; א שטאדטישעס הויז [אין געגענזאץ צו א דארפישען].

tow'nish *a.* (טאו'-ניש) שטעדטיש; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א שטאדט; וואס איז שייך צו א שטאדט.

town'land *n.* (טאונ'-לענד) אין אירלאנד — לאנד, וואס בעלאנגט צו א קירכען־בעצירק.

town'less *a.* (טאונ'-לעס) אהן שטעדט.

town'let *n.* (טאונ'-לעט) א קליין שטעדטעל.

town'-life *n.* (טאונ'-לאיף) דאס שטאדטישע לעבען.

town'-mee'ting *n.* (טאונ'-מיע'-טינג) אין געוויסע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א פאר־פערזאמלונג פון די שטאדט־בירגער, וואו זיי בעשפרעכען די פערשיעדענע שטאדט־ענינים.

towns'folk *n.* (טאונז'-פאוק) ז. *townfolk*.

town'ship *n.* (טאונ'-שיפ) א שטאדט־בעצירק, א שטאדט־געמיינדע; א טייל לאנד פון זעקס קוואדראט מיילען; אין ענגלאנד — דער דיסטריקט וואס בעלאנגט צו א שטאדט; אין אויסטראליען — א דארף.

towns'man *n.* (טאונז'-מען) א שטאדטישער בירגער, א שטאדט־מאן; א מיטבירגער, א לאנדסמאן פון דערזעלבינער שטאדט.

towns'people *n.* (טאונז'-פיעפל) שטאדט־לייט.

town'-talk' *n.* (טאונ'-טאהק') שטאדט־רייד, שטאדט־פלוידעריי, גערייד פון שטאדט.

town'-wall' *n.* (טאונ'-וואהל') א וואנד וואס רינגעלט ארום א שטאדט.

town'ward *adv.* (טאונ'-הווארד) אין דער ריכטונג צו דער שטאדט צו.

town'wards *adv.* (טאונ'-הווארדז) ז. *townward*.

tow'ny *n.* (טאו'-ני) דער שטאדטס־מאן, דער שטאדטס־בירגער [אן אויסדרוק ביי סטודענטען, ווען זיי רעדען וועגען א שטאדט־איינוואהנער, וועלכער האט ניט קיין שייכות צום אוניווערזיטעט, וואו זיי שטודירען].

tow'-path *n.* (טאו'-פעטה) דער שטעג ביים ברעג פון א טייך אדער קאנאל, איבער וועלכען עס געהען די מענשען אדער בהמות וואס שלעפען א שיף.

tow'-rope *n.* (טאו'-ראופ) ז. *tow-line*.

tow'-ship *n.* (טאו'-שיפ) א שלעפ־שיף, א בוקסיר־שיף.

tow'sie *a.* (טאו'-זי) ז. *tousy*.

tow'y *a.* (טאו'-אי) וואס ענטהאלט אדער וואס איז ענהליך צו פאקולעס [דער גראבער אבפאל פון פלאקס].

tow'zie *a.* (טאו'-זי) ז. *tousy*.

toxane'mia *n.* (טאק-סע-ני'-מי-א) אנעמיא אדער בלוט־ארימקייט, וואס ווערט פעראורזאכט דורך דער ווירקונג פון גיפט.

toxe'mia *n.* (טאק-סי'-מי-א) בלוט־פערגיפטונג.

tox'ic *a.* (טאק'-סיק) גיפטיג; וואס איז שייך צו גיפט אדער סם; וואס איז פעראורזאכט דורך דער ווירקונג פון גיפט אדער סם.

tox'ical *a.* (טאק'-סי-קעל) ז. *toxic*.

tox'ically *adv.* (טאק'-סי-קעל-אי) דורך א גיפט, וואס רופט ארויס אן אויפרעגונג פון ארגאניזם; בנוגע צו טאקסיקאלאגיע [ז. *toxicology*].

tox'icant *a.* and *n.* (טאק'-סי-קענט) גיפטיג, וואס קען פערגיפטען; א גיפט, א סם.

toxice'mia *n.* (טאק-סי-סי'-מי-א) ז. *toxemia*.

toxic'ity *n.* (טאק-סיס'-אי-טי) פערגיפטונג.

Toxicoden'dron *n.* (טאק-סי-קא-דענ'-דראן) די גיפט־סומאכען [א מין גיפטיגע דרום־אפריקאנישע בוימלעך].

toxicoder'ma *n.* (טאק-סי-קא-דויר'-מא) ז. *toxicodermitis*.

toxicodermati'tis *n.* (טאק-סי-קא-דויר-מע-טאי'-טיס) ז. *toxicodermitis*.

toxicodermi'tis *n.* (טאק-סי-קא-דויר-מאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער הויט דורך אן אויפרעגענדען גיפט.

tox'icoid *a.* (טאק'-סי-קאיד) ענהליך צו גיפט אדער סם.

toxicolog'ical *a.* (טאק-סי-קא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו טאקסיקאלאגיע. ז. *toxicology*.

toxicol'ogist *n.* (טאק-סי-קאל'-א-דזשיסט) א טאקסיקאלאגיסט, איינער וואס שטודירט דעם כאראקטער און די ווירקונג פון פערשיעדענע גיפטען.

toxicol'ogy *n.* (טאק-סי-קאל'-א-דזשי) טאקסיקאלאגיע, די גיפט־לעהרע, די לעהרע וועגען גיפט און פערגיפטונג.

toxicoma'nia *a.* (טאק-סי-קא-מיי'-ני-א) טאקסיקאמאניע, א קראנקהאפטע נייגונג צו גיפטיגע שטאפען.

toxico'sis *n.* (טאק-סי-קאו'-סיס) א כראנישע פערגיפטונג.

tox'in *n.* (טאק'-סין) טאקסין, א גיפטיגער שטאף וואס בעקומט זיך פון א פוילענדען קערפער.

tox'ine *n.* (טאק'-סין) ז. *toxin*.

toxipho'bia *n.* (טאק-סי-פאו'-בי-א) א משוגעת וואס דריקט זיך אויס אין א שטענדיגען שרעק פערגיפטעט צו ווערען.

toxoph'ilite *n.* and *a.* (טאק-סאפ'-אי-לאיט) א ליעבהאבער פון בויגען־שיסעריי; וואס איז שייך צו דער לעהרע אדער קונסט פון בויגען־שיסעריי.

toy *n.* and *v.* (טאי) א שפיעל־ווערק, א שפיעל־צייג, א צאצקע; אן אונבעדייטענדע זאך, א קלייניגקייט; דאס צערטלען, דאס שפיעלען זיך; א לייכט שטיקעל טאנץ־מוזיק; א קליין הינטעלע; זיך שפיעלען; צערטלען, לאשטשען.

toy'-block *n.* (טאי'-בלאק) איינער פון

א צאהל קוביקעס אדער אנדערע העלצלעה, וואס דיענען אלס שפיעל-צייג פאר קינדער.

toy'-box *n.* (טאי'-באקס) א קעסטעל צו האלטען שפיעלצייג.

toy'-busi'ness *n.* (טאי'-ביז'-נעס) דער האנדעל מיט שפיעלצייג.

toy dog (טאי דאג) א שפיעל-הינטעל [זעהר א קליין הינטעל, וואס ווערט געהאלטען אין א הויז מעהר צו שפיעלען זיך איידער פאר ניצליכער דיענסט].

toy'er *n.* (טאי'-ער) א שפיעלער; איינער וואס שפיעלט זיך; א שטיפער.

toy'ful *a.* (טאי'-פול) שפיעלעריש, שטיפעריש.

toy'ingly *adv.* (טאי'-אינג-לי) שפאסיג, שפיעלענדיג.

toy'ish *a.* (טאי'-איש) ווי א שפיעלצייג, קליין.

toy'ishly *adv.* (טאי'-איש-לי) שפיעלעריש; אויף א שפיעלערישען, שפאסיגען שטייגער.

toy'man *n.* (טאי'-מען) איינער וואס מאכט שפיעלצייג; א הענדלער מיט שפיעלצייג.

toy'-shop *n.* (טאי'-שאפ) א קראם פון שפילצייג.

toy'some *a.* (טאי'-סאם) שפיעלעריש.

toy'-trade *n.* (טאי'-טרייד) ז. ***toy-business***.

T-pipe *n.* (טי'-פאיפ) א רעהר אין דער פארם פון א **T**.

tra'bea *n.* (טריי'-בי-א) די טראבעא, אן אלט-רוימישעס שטאאטס-קלייד [פאר קעניגע, קאנסולען א. ז. וו.].

tra'beated *a.* (טריי'-בי-איי-טעד) אין ארכיטעקטור — וואס בעשטעהט פון א באלקען-סטרוקטור; וואס בעשטעהט פון א באלקען-געבוי.

trabea'tion *n.* (טריי-בי-איי'-שאן) אין ארכיטעקטור — א באלקען-סטרוקטור, א באלקען-געבוי.

trace *v.* *and* *n.* (טרייס) 1. צייכנען, סקיצירען; 2. מאכען א פלאן, אנווארפען א פלאן; 3. שרייבען; 4. קאלקירען, איבערצייכנען, נאכצייכנען, קאפירען אויף א דורכזיכטיגען פאפיער [אונטער וועלכען עס ווערט אונטערגעלעגט דער אריגינאל]; 5. נאכשפירען, נאכפאלגען נאך די שפורען; אויסגעפינען שפורען; נאכפאלגען טריט ביי טריט; 6. דורכגעהן; געהן, רייזען; 7. איינשפאנען [א פערד אין א וואגען]; 8. א שפור; א צייכען; 9. א ביסעל; 10. דער גרונד-פלאן פון א בעפעסטיגונגס-ווערק; 11. די פערצייכנונג פון אן אויטאמאטישען אפאראט; 12. א פאסטראמקע, א צוג-רימען [ביי א וואגען].

2. The president never deviated from his foreign policy which he traced in his inauguration speech. 3. The signature appeared to have been traced by a hand shaking with emotion. 4. The child traced the picture over and over again. 5. The detective traced the development of the plot. 6. He traced the alley up and down.

traceabil'ity *n.* (טריי-סע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט נאכגעשפירט צו ווערען, נאכגעפאלגט צו ווערען אדער אויסגעפונען צו ווערען; דאס קענען געצייכענט ווערען אדער נאכגעצייכענט ווערען.

tra'ceable *a.* (טריי'-סעבל) וואס קען נאכגעשפירט ווערען, וואס קען נאכגעפאלגט ווערען; וואס מען קען אויסגעפינען; וואס קען געצייכענט ווערען, וואס קען נאכגעצייכענט, קאפירט אדער קאלקירט ווערען [נאכגעצייכענט ווערען אויף דורכזיכטיגען פאפיער אדער לייווענד].

tra'ceableness *n.* (טריי'-סעבל-נעס) ז. ***traceability***.

tra'ceably *adv.* (טריי'-סע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען נאכשפירען, נאכפאלגען אדער אויסגעפינען; אזוי אז מען זאל קענען צייכנען, סקיצירען אדער נאכצייכנען.

trace'-chain *n.* (טרייס'-טשיין) א קייט וואס דיענט אלס פאסטראמקע פון א געשפאן.

trace'-horse *n.* (טרייס'-האהרס) א פערד וואס איז געשפאנט ביי די זייטען [אין א געשפאן פון דריי אדער פיער פערד].

trace'less *a.* (טרייס'-לעס) שפורלאז, אהן שפורען.

trace'lessly *adv.* (טרייס'-לעס-לי) אהן א שפור.

trace'-mate *n.* (טרייס'-מייט) ז. ***trace-horse***.

tra'cer *n.* (טריי'-סער) א נאכשפירער; אן אויסשפירער; א צייכנער; א קאפירער, א נאכצייכנער; א קאפיר-אינסטרומענט; א פאנטאגראף [אזא אינסטרומענט צום נאכצייכנען צייכנונגען, פלענער א. ז. וו.]; אזא אינסטרומענט צום נאכפאלגען די ריכטונג פון א נערוו, אדער א. ז. וו.; איינער וואס האט די אויפגאבע צו זוכען פערלארענע זאכען [ווי למשל, פאסט-זאכען]; אן אויספארשונג וועגען פערלארענע זאכען [פון אן אייזענבאהן, פאסט-קאנטאר אדער טראנספארט-ביורא].

tra'ceried *a.* (טריי'-סער-איד) אין ארכיטעקטור — פערציערט מיט קרוזשעווע-עהנליכע בעציערונגען; בעדעקט מיט בלעטער-עהנליכע בעציערונגען.

tra'cery *n.* (טריי'-סער-אי) קרוזשעווע-עהנליכע בעציערונגען אויף געביידען [ז. איל.]; בלעטער-עהנליכע בעציערונגען; אזא שפיצען-ארבייט.



Tracery

tra'chea *n.* (טריי'-קי-א) די לופט-רעהר פון האלז, דער גארגעל; דער לופט-קאנאל אדער לופט-רעהר ביי אינזעקטען; דאס ספיראל-געפעס [אזא רעהר-עהנליכע עפנונג ביי פלאנצען].

tra'cheal *a.* (טריי'-קי-על) וואס איז שייך צום גארגעל; וואס איז שייך צום ספיראל-געפעס [ביי פלאנצען. ז. *trachea*].

trachea'lis *n.* (טריי-קי-איי'-ליס) א מוסקול אין דער לופט-רעהר פון האלז.

tra'chean *a.* (טריי'-קי-ען) וואס האט לופט-רעהרען; וואס אטעמט דורך לופט-רעהרען; עהנליך צו א לופט-רעהר אדער גארגעל; וואס דיענט אלס גארגעל אדער לופט-רעהר.

tra'cheary *a.* *and* *n.* (טריי'-קי-ע-רי) וואס אטעמט דורך לופט-רעהרען [ווענען געוויסע שפינען אדער שפינען-ארטיגע בעשעפענישען]; וואס איז שייך צו לופט-רעהרען; א שפין-עהנליכע בעשעפעניש וואס אטעמט דורך לופט-רעהרען.

trachei'tis *n.* (טריי-קי-אי'-טיס) ז. ***trachitis***.

trache'ocele *n.* (טרע-קיע'-א-סיעל) א גוליע, א זאב, א גוידער.

trache'oscopy *n.* (טרע-קיע'-א-סקאו-פי) א מעדיצינישע אונטערזוכונג פון דער לופט-רעהר [גארגעל].

trache'otome *n.* (טרע-קיע'-א-טאום) א כירורגישעס מעסער צו מאכען אן איינשניט אין דער לופט-רעהר.

tracheot'omy *n.* (טריי-קי-אט'-א-מי) די אויפשניידונג פון דער לופט-רעהר אין האלז [ביי אן אפעראציאן].

tracheot'omy-tube *n.* (טריי-קי-אט'-א-מי-טיוב) א רעהרעל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין האלז נאך אן אפעראציאן אין דער לופט-רעהר, אום צו פערלייכטערען דאס אטעמען.

trachi'tis *n.* (טריי-קאי'-טיס) ענטציגדונג פון דער לופט-רעהר אין האלז.

tracho'ma *n.* (טרע-קאו'-מא) טראכאמא [אזא אויגען-קראנקהייט].

trachom'atous *a.* (טרע-קאמ'-ע-טאס) אנגעשטעקט מיט טראכאמא [אזא אויגען-קראנקהייט]; וואס איז שייך צו טראכאמא.

trach'yte *n.* (טרעק'-איט) טראכיט [אזא העלער, שארסטקער ווולקאנישער שטיין].

trachyt'ic *a.* (טרע-קיט'-איק) טראכיטיש, פון טראכיט, וואס איז שייך צו טראכיט. ז. ***trachyte***.

trach'ytoid *a.* (טרעק'-אי-טאיד) עהנליך צו טראכיט; וואס איז שייך צו טראכיט. ז. ***trachyte***.

tra'cing *n.* (טריי'-סינג) צייכנונג, סקיצירונג; נאכצייכנונג, קאלקירונג, קאפירונג [פון א צייכנונג אויף דורכזיכטיגען פאפיער אדער לייווענד]; נאכשפירונג, דאס נאכפאלגען נאך די שפורען; א וועג, א קורס, א ריכטונג; א נאכצייכנונג, א קאפיע פון א צייכנונג [נאכגעצייכענט אויף דורכזיכטיגען פאפיער אדער לייווענד]; א פלאן.

tra'cing-cloth *n.* (טריי'-סינג-קלאהטה) קאלקיר-לייווענד, פויז-לייווענד [אזא דינער, גלאטער און דורכזיכטיגער לייווענד-שטאף צו קאפירען צייכנונגען, פלענער א. ז. וו.].

tra'cing-lin'en *n.* (טריי'-סינג-לינ'-ען) ז. ***tracing-cloth***.

tra'cing-machine' *n.* (טריי'-סינג-מע-שין') א קאלקירונגס-אינסטרומענט [צום נאכקאפירען צייכנונגען, פלענער א. ז. וו. אין א פערקלענערטען פארמאט].

tra'cing-pa'per *n.* (טריי'-סינג-פיי'-פער) אויל-פאפיער, פויז-פאפיער [דורכזיכטיגעס פאפיער צום קאפירען צייכנונגען].

tra'cing-thread *n.* (טריי'-סינג-טהרעד) א דיקער ראנד-פאדים אדער ראנד-נאהט אין שפיצען [קרוזשעווע].

tra'cing-wheel *n.* (טריי'-סינג-הוויעל) א קאפיר-רעדעל [אזא רעדעל מיט שפיציגע צייהנער ווי א שטופעל צום נאכקאפירען א צייכנונג, פלאן א. ז. וו. די צייכנונג ווערט אויסגעשטאכען מיט'ן רעדעל אויף דעם קאפיר-פאפיער].

track *n.* *and* *v.* (טרעק) א שפור; א

קאלעע, א וועג, א שטעג; דער גאנג, די ריכטונג; אין זאאלאגיע — דער פוס־זויל; נאכשפירען, נאכפאלגען נאך די שפורען; אויסגעפינען [לויט די שפורען]; דורכגעהן, דורכלעגען א וועג; שלעפען א שיף מיט שטריק; געהן אין א געוויסער ריכטונג, זיך האלטען אין א בעשטימטער קאלעע.

track'age *n.* (טרעק'־עדזש) דאס שלעפען א שיף מיט שטריק; אייזענבאהן־קאלעען.

track'age con'tract (טרעק'־עדזש קאנ'־טרעקט) אן אבמאך צווישען אייזענבאהן־געזעלשאפטען, אז איינע זאל קענען געברויכען דער צווייטערס ליניען.

track'-athlet'ics *n.* (טרעק'־עטה־לעט'־איקס) אטלעטישע שפיעלען וואס האבען צו טהאן מיט דיסטאנץ [ווי לויפען, רייטען, פאהרען אויף וועלאסיפעדען א. ז. וו.].

track'-boat *n.* (טרעק'־באוט) א קאנאל־שיף; א שיף וואס ווערט געצויגען מיט א שטריק.

track'-brake *n.* (טרעק'־ברייק) א רעלסען־ברעמזע, א ברעמזע [טארמאז] ביי אייזענבאהנען אדער טראמוואיען, וואס ווערט אראבגעלאזען ניט אויף די רעדער נאר אויף די רעלסען.

track'-chart *n.* (טרעק'־טשארט) א מאפע אדער קארטע וואס ציינט די ריכטונג פון א שיף אויף'ן ים.

track'-clear'er *n.* (טרעק'־קליער'־ער) א קאלעען־רייניגער [א פארריכטונג ביי גאסען־וואגאנען אדער לאקאמאטיווען צו מאכען די קאלעע פון אנגעווארפענע זאכען]; אזא ברעט ביי א שנייד־מאשין צו מאכען א וועג פאר דער מאשין און צוצובויגען די זאנגען צום שנייד־מעסער.

track'-edge *n.* (טרעק'־עדזש) דער ברעג פון דעם איינשניט אין א מיהלשטיין.

track'er *n.* (טרעק'־ער) א פיהרער, א וועגווייזער; איינער וואס געפינט א וועג; א שיפס־שלעפער [איינער וואס שלעפט א שיף מיט שטריק]; א נאכשפירער, איינער וואס פאלגט נאך די שפורען אדער געפינט אוים נאך די שפורען; א נאכפאלגער.

track'-hound *n.* (טרעק'־האונד) א שפיר־הונד.

track'-in'dicator *n.* (טרעק'־אינ'־די־קיי־טאר) אזא אפאראט אויף אן אייזענבאהן־וואגאן, וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דעם צושטאנד פון דער אייזענבאהן־קאלעע.

track'-lay'er *n.* (טרעק'־ליי'־ער) איינער וואס לעגט אוים אן אייזענבאהן־קאלעע.

track'less *a.* (טרעק'־לעס) אונבעטראטען, אהן שפורען, אהן פיס־שפורען, אהן וועגען און שטעגען.

track'lessly *adv.* (טרעק'־לעס־לי) שפורלאז, ניט איבערלאזענדיג קיין פיס־שפורען.

track'lessness *n.* (טרעק'־לעס־נעס) דאס ניט האבען קיין וועגען און שטעגען.

track'man *n.* (טרעק'־מען) אן אייזענבאהן־אנגעשטעלטער וואס פאסט אויף אויף דער אייזענבאהן־קאלעע.

track'master *n.* (טרעק'־מעס־טער) א קאלעען־אויפזעהער [אן אייזענבאהן־בעאמטער, וואס האט די אויפזיכט איבער די קאלעען].

track'-rai'ser *n.* (טרעק'־ריי'־זער) אן אינסטרומענט אונטערצוהויבען אייזענבאהן־שיענעס [רעלסען].

track'-road *n.* (טרעק'־ראוד) ז. ***tow-path***.

track'-scout *n.* (טרעק'־סקאוט) א טרעקשוט, א קאנאל־שיף [וואס מען שלעפט מיט שטריק]. ז. ***trekschuit***.

track'-walk'er *n.* (טרעק'־וואהק'־ער) אן אייזענבאהן־אנגעשטעלטער וואס אונטערזוכט און מאכט צורעכט א געוויסען טייל פון דער אייזענבאהן־קאלעע [הויפטזעכליך פאר'ן אנקומען פון א שנעלצוג].

track'way *n.* (טרעק'־הוויי) ז. ***tramway***.

tract *n.* (טרעקט) א טראקט; א שטרעקע, א שטח; א משך; א בעפעדערטער פלאץ [ביי פויגלען]; א קורצער טראקטאט, אבהאנדלונג אדער מאמר; א בראשורע וועגען א רעליגיעזען ענין; אזא קירכען־געזאנג פון די היילינע שריפטען, הויפטזעכליך פון תהלים.

tractabil'ity *n.* (טרעק־טע־ביל'־אי־טי) נאכגעבינקייט, געהארכזאמקייט; דאס לאזען זיך פיהרען אדער קאנטראלירען; לייכטקייט צו בעארבייטען.

trac'table *a.* (טרעק'־טעבל) געהארכזאם, נאכגעביג; וואס לאזט זיך פיהרען אדער קאנטראלירען; וואס לאזט זיך בעארבייטען.

trac'tableness *n.* (טרעק'־טעבל־נעס) ז. ***tractability***.

trac'tably *adv.* (טרעק'־טע־בלי) מיט נאכגעבינקייט, מיט געהארכזאמקייט; זיך לאזענדיג פיהרען אדער קאנטראלירען; לייכט צו בעארבייטען.

Tracta'rian *a.* and *n.* (טרעק־טיי'־רי־ען) וואס איז שייך צו די טראקטאריאנער אדער צום טראקטאריאניזם; א טראקטאריאנער, א פרעדיגער אדער פערברייטער פון טראקטאריאניזם. ז. ***Tractarianism***.

Tracta'rianism *n.* (טרעק־טיי'־רי־ע־ניזם) טראקטאריאניזם [א בעוועגונג אין דער אנגליקאנישער קירך צווישען די יאהרען 1833 און 1841, וואס האט געשטרעבט מעהר אדער וועניגער צוריק צו ברייננען די קירך צום קאטוילציזם].

trac'tate *n.* (טרעק'־טייט) א טראקטאט, א קורצע אבהאנדלונג, א מאמר.

trac'tile *a.* (טרעק'־טיל) וואס ציהט זיך, וואס לאזט זיך אויסציהען, ציהעדיג.

tractil'ity *n.* (טרעק־טיל'־אי־טי) ציהעדיגקייט, פעהיגקייט אויסגעצויגען צו ווערען.

The tractility of silver is inferior to that of gold.

trac'tion *n.* (טרעק'־שאן) דאס ציהען, ציהונג; דאס שלעפען; צוזאמענציהונג [ווי פון א מוסקול]; שפאנונג; צוציהונג.

trac'tional *a.* (טרעק'־שאנ־על) וואס איז שייך צו ציהונג, שלעפונג אדער שפאנונג.

trac'tion-en'gine *n.* (טרעק'־שאן־ענ'־דזשין) א צוג־מאשין [א שלעפ־מאשין אדער לאקאמאטיוו וואס געהט ניט אויף רעלסען].

trac'tive *a.* (טרעק'־טיוו) שלעפ־ציהענד; ציהענד.

tract'let *n.* (טרעקט'־לעט) א קליינער טראקט; א קליינער טראקטאט. ז. ***tract***.

trac'tor *n.* (טרעק'־טאר) א ציהער, א ציה־אינסטרומענט, אן אינסטרומענט צום ציהען.

trac'tus *n.* (טרעק'־טאס) אין אנאטאמיע — א שטח, א שטרעקע; אזא קירכען־געזאנג פון די היילינע שריפטען, הויפטזעכליך פון תהלים.

trade *n., a. and v.* (טרייד) א בעשעפטיגונג; א פאך; א פראפעסיאן; א האנדווערק, א מלאכה; האנדעל; א געשעפט; געשעפטס־לייט, פאך־לייט [פון א געוויסען האנדעלס־צווייג אדער פאך]; א ווינד וואס בלאזט אימער אין איין און דערזעלבער ריכטונג [ז. ***trade-wind***]; וואס איז שייך צו האנדעל, צו א מלאכה אדער פאך; האנדלען.

trade dol'lar (טרייד דאל'־אר) אזא זילבערנער דאלאר אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס איז ארויסגעלאזען געווארען אין יאהר 1873 און איז בעשטימט געווארען בלויז פאר'ן האנדעל מיט כינא און יאפאן.

trade'ful *a.* (טרייד'־פול) שטארק בעשעפטיגט מיט האנדעל.

trade'-hall *n.* (טרייד'־האהל) א פערזאמלונגס־זאל פאר סוחרים, פאבריקאנטען א. ז. וו.

trade'-last *v.* (טרייד'־לעסט) זיך בייטען מיט קאמפלימענטען אדער איבערגעבען א קאמפלימענט וואס אן אנדערער האט איהם געגעבען אונטער די אויגען [אין דער סטודענטען־שפראך].

trade'-mark *n.* (טרייד'־מארק) א טרייד־מארק אדער שוץ־מארקע [א ספעציעלער צייכען אויף סחורות, א פירמע־צייכען].

trade'master *n.* (טרייד'־מעס־טער) א האנדווערק־לעהרער, איינער וואס לערענט קינדער א מלאכה.

trade'-name *n.* (טרייד'־ניים) א האנדעלס־נאמען [א ספעציעלער נאמען פון אן ארטיקעל געברויכט אין האנדעל].

trade on (טרייד אן) אויסנוצען עפעס פאר איינענע אינטערעסען.

The politician trades on the feelings of the masses.

trade'-pa'per *n.* (טרייד'־פיי'־פער) א פאך־צייטונג [א צייטונג וואס איז געווידמעט די אינטערעסען פון א ספעציעלען פאך, מלאכה אדער פראפעסיאן].

trade price (טרייד פראיס) דער אנגרא־פרייז, דער הורטאווער פרייז.

tra'der *n.* (טריי'־דער) א סוחר, א הענדלער; א האנדעלס־שיף [וואס איז בעשעפטיגט ביי א ספעציעלען האנדעלס־פאך].

trade sale (טרייד סייל) אן אויקציאן־אויספערקויף וואס פאבריקאנטען אדער ביכער־פערלעגער מאכען פאר קרעמער.

trade'-school *n.* (טרייד'־סקוהל) א האנדווערק־שול.

trades'folk *n.* (טריידז'־פאוק) האנדעלס־לייט; האנדווערקער, בעלי מלאכה.

trades'man *n.* (טריידז'־מען) א האנדעלס־מאן, א קרעמער, א הענדלער; א בעל־מלאכה.

trades'people *n.* (טריידז'־פיפעל) ז. ***tradesfolk***.

trades'-u'nion *n.* (טריידז'־יו'־ניאן) ז. ***trade-union***.

trades'-u'nionism *n.* (טריידז'־יו'־ניאנ־איזם) ז. ***trade-unionism***.

trades'-u'nionist *n.* (טריידז'־יו'־ניאנ־איסט) ז. ***trade-unionist***.

trades'-waste *n.* (טריידז'־הווייסט) פאבריק־אבפאל; פאבריקאציאנס־אבפאל.

trades'woman *n.* (טריידז'־הוואומ־ען) א קרעמערין, א הענדלערין; א האנדווערקערין.

trade'-u'nion *n.* (טרייד'-יו'-ניאָן) א טרייד-יוניאָן, א געווערקשאַפֿטס-פֿעראיין, א פּראָפֿעסיאָנעלער פֿעראיין [א פֿעראייניגונג פֿון אַרבייטער פֿון א געוויסען פֿאַך אָדער אינדוסטריע, אום מיט פֿעראייניגטע קרעפֿטען, דורך שטרייקס און קאָלעקטיווע אָבמאַכען מיט די אַרבייטס-געבער צו פֿערבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאַגע און די אַרבייטס-בעדינגונגען, ווי למשל: פֿערקירצען די אַרבייטס-שטונדען, פֿערגרעסערען די שכירות, איינפֿיהרען סאַניטאַרישע בעדינגונגען אין די פֿאַבריקען א. ז. וו.].

trade'-u'nionism *n.* (טרייד'-יו'-ניאַנ-איזם) טרייד-יוניאַניזם, די פּרינציפּען און טהעטיגקייט פֿון געווערקשאַפֿטען אָדער פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבייטער-פֿעראייניגונגען; די טרייד-יוניאַנס בכלל.

trade'-u'nionist *n.* (טרייד'-יו'-ניאַנ-איסט) א טרייד-יוניאַניסט, א מיטגליעד פֿון א געווערקשאַפֿט אָדער פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין, אן אנהענגער פֿון טרייד-יוניאַניזם. ז. ***trade-union***.

trade'-wind *n.* (טרייד'-הווינד) א ווינד וואָס בלאָזט אימער אין איין און דערזעלבער ריכטונג; א פּאַסאַט-ווינד, א מוסאָן [אזא ווינד אין די געגענדען ביים עקוואַטאָר, וואָס בלאָזט אימער אין איין און דערזעלבער ריכטונג].

tra'ding *a.* (טריי'-דינג) האַנדלענד, וואָס האַנדלט; קאָרופּט, וואָס פֿערקויפֿט זיך, וואָס לאָזט זיך אונטערקויפֿען.

tra'ding-stamp *n.* (טריי'-דינג-סטעמפּ) א ראַבאַט-מאַרקע, א פּרעמיום-מאַרקע [א מאַרקע אָדער ציינען וואָס א קונה קריגט אַלס פּרעמיום, ווען ער קויפֿט עפּעס און קען פֿאַר איהר נאָכדעם בעקומען אומזיסט געוויסע אַרטיקלען].

tradiom'eter *n.* (טריי-די-אָמ'-ע-טער) א מין דינאַמאָמעטער אָדער קראַפֿט מעסטער [אן אַפּאַראַט צו בעשטימען די קראַפֿט וואָס פֿאָדערט זיך צום שלעפּען א וואָגען, א פֿלוג, א שנייד-מאַשין א. ז. וו.].

tradi'tion *n. and v.* (טרע-דיש'-אַן) א טראַדיציאָן [אן אַנגענומענער מנהג, גלויבען אָדער מיינונג, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען פֿון פֿריהעריגע צייטען אָדער דורות]; איבערליפֿערונג, איבערגעבונג [אויף א גזעצליכען אופֿן]; דאָס איבערגעבען בקבלה; דאָס איבערגעבען מיינונגען, גלויבענס אָדער מנהגים פֿון דור צו דור; א מסורה, א קבלה; א מינדליכע איבערגעבונג; עטוואָס וואָס ווערט איבערגעגעבען פֿון דור צו דור בעל פּה; איבערגעבען אַלס טראַדיציאָן אָדער קבלה.

tradi'tional *a.* (טרע-דיש'-אַנ-על) טראַדיציאָנעל, וואָס איז געבויט אויף א טראַדיציאָן; וואָס איז איבערגעגעבען בקבלה; וואָס בעשטעהט פֿון טראַדיציאָנען; קאָנווענציאָנעל, וואָס האַלט זיך אן טראַדיציאָנען אָדער אַנגענומענע אַלטע מנהגים.

tradi'tionalism *n.* (טרע-דיש'-אַנ-על-איזם) טראַדיציאָנאַליזם, דאָס האַלטען זיך אן טראַדיציאָנען אָדער גלויבענס וואָס זיינען איבערגעגעבען בקבלה; דער גלויבען אין קירכליכע טראַדיציאָנען אָדער מינדליכע איבערגעבונגען.

tradi'tionalist *n.* (טרע-דיש'-אַנ-על-איסט) א טראַדיציאָנאַליסט, אן אנהענגער פֿון טראַדיציאָנען אָדער פֿון מינדליכער איבערגעבונג אין רעליגיאָן; איינער וואָס נעהמט אן די טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונג פֿון דער ביבעל.

traditionalis'tic *a.* (טרע-דיש-אַנ-ע-ליס'-טיק) זיך האַלטענד אן טראַדיציאָנען; וואָס איז שייך צום גלויבען אין רעליגיעזע מינדליכע איבערגעבונגען אָדער אין זאַכען וואָס זיינען איבערגעגעבען בקבלה.

tradi'tionally *adv.* (טרע-דיש'-אַנ-על-אי) טראַדיציאָנעל; דורך איבערגעבונגען פֿון דור צו דור; לויט דער טראַדיציאָן, לויט דעם אַנגענומענעם גלויבען, מנהג אָדער מיינונג וואָס איז איבערגעגעבען בקבלה.

tradi'tionarily *adv.* (טרע-דיש'-אַנ-ע-רי-לי) אויף א טראַדיציאָנעלען אופֿן, בעשטעהענדיג פֿון טראַדיציאָנען. ז. ***tradition***.

tradi'tionary *n. and a.* (טרע-דיש'-אַנ-ע-רי) איינער וואָס האַלט זיך אן טראַדיציאָנען אָדער אן זאַכען וואָס זיינען איבערגעגעבען בקבלה; טראַדיציאָנעל. ז. ***traditional***.

tradi'tioner *n.* (טרע-דיש'-אַנ-ער) ז. ***traditionist***.

tradi'tionist *n.* (טרע-דיש'-אַנ-איסט) איינער וואָס האַלט זיך אן טראַדיציאָנען אָדער אן זאַכען וואָס זיינען איבערגעגעבען בקבלה; איינער וואָס האַלט זיך אן אַלטע אַנגענומענע גלויבענס, מיינונגען אָדער מנהגים.

Tradi'tion Sun'day (טרע-דיש'-אַן סאַנ'-דיי) דער זונטאָג פֿאַר דער קריסטליכער פּאַסכא. ז. ***Palm Sunday***.

trad'itive *a.* (טרעד'-אי-טיוו) ז. ***traditional***.

trad'itor *n.* (טרעד'-אי-טאָר) א פֿעררעטהער [ביי די ערשטע קריסטען — א קריסט וואָס האָט בעת די פֿערפֿאָלגונגען אויף קריסטען איבערגעגעבען צו די רעגיערונגס-בעאַמטע די הייליגע קירכליכע זאַכען אָדער די נעמען פֿון זיינע גלויבענס-גענאָסען].

traduce' *v.* (טרע-דיוס') פֿערלוימדען.

traduce'ment *n.* (טרע-דיוס'-מענט) פֿערלוימדונג.

tradu'cent *a.* (טרע-דיו'-סענט) פֿערלוימדעריש, פֿערלוימדענד.

tradu'cer *n.* (טרע-דיו'-סער) א פֿערלוימדער, א בעל לשון-הרע.

tradu'cian *n.* (טרע-דיו'-שיאַן) אין טעאָלאָגיע — איינער וואָס גלויבט, אז די נשמה ווערט געבאָרען צוזאַמען מיט'ן קערפּער און אויף'ן זעלבען אופֿן ווי דער קערפּער און ווערט ניט געשאַפֿען בעזונדער פֿאַר יעדען מענשען.

tradu'cianism *n.* (טרע-דיו'-שיאַנ-איזם) אין טעאָלאָגיע — די לעהרע, אז די נשמה ווערט געבאָרען צוזאַמען מיט'ן קערפּער און אויף דעמזעלבען שטייגער ווי דער קערפּער און ווערט ניט געשאַפֿען פֿאַר יעדען מענשען בעזונדער.

tradu'cianist *n.* (טרע-דיו'-שיאַנ-איסט) ז. ***traducian***.

tradu'cible *a.* (טרע-דיו'-סיבל) וואָס קען פֿערלוימדעט ווערען.

tradu'cingly *adv.* (טרע-דיו'-סינג-לי) פֿערלוימדערדיג, מיט פֿערלוימדונג, דורך פֿערלוימדונג.

traduc'tion *n.* (טרע-דאַק'-שאַן) איבערטראַגונג, איבערליפֿערונג; אין טעאָלאָגיע — דאָס געבעהרען די נשמה אויף'ן זעלבינען שטייגער ווי עס ווערט געבאָרען דער קערפּער [ז. ***traducianism***].

traduc'tive *a.* (טרע-דאַק'-טיוו) אַרויסגעדרונגען.

traf'fic *n. and v.* (טרעפֿ'-איק) האַנדעל; פֿערקעהר; האַנדעלס-פֿערקעהר; אייזענבאַהן-פֿערקעהר; שיפֿס-פֿערקעהר; פּאַסאַזשירען-פֿערקעהר; האַנדלען; פֿיהרען געשעפֿטען; פֿערהאַנדלען, פֿיהרען פֿערהאַנדלונגען.

traf'ficker *n.* (טרעפֿ'-איק-ער) א סוחר, א קויפֿמאַן, א האַנדעלסמאַן.

traf'ficless *a.* (טרעפֿ'-איק-לעס) אָהן פֿערקעהר, אָהן האַנדעלס-פֿערקעהר.

traf'fic-man'ager *n.* (טרעפֿ'-איק-מען'-עדזש-ער) א בעטריעבס-דירעקטאָר, א פֿערקעהרס-אינספּעקטאָר [אויף אייזענבאַהנען, קאַנאַלען א. ז. וו.].

traf'fic-return' *n.* (טרעפֿ'-איק-רי-טוירן') א פֿערקעהרס-בעריכט [א פֿעריאָדישער בעריכט וועגען האַנדעלס-פֿערקעהר און פּאַסאַזשירען-פֿערקעהר, ווי אויף אן אייזענבאַהן-ליניע, אויף א קאַנאַל א. ז. וו.].

traf'fic-ta'ker *n.* (טרעפֿ'-איק-טיי'-קער) אן אַנגעשטעלטער אויף אן אייזענבאַהן, ביי א שיפֿס-קאָמפּאַניע א. ז. וו., וואָס בעשעפֿטיגט זיך מיט דער טראַנספּאָרטאַציאָן.

trag'acanth *n.* (טרעג'-ע-קענטה) טראַגאַקאַנט אָדער טראַגאַנט [אזא גומי-בוימעל]; טראַגאַנט אָדער טראַגאַנט-גומי.

tragacan'tha *n.* (טרעג-ע-קענ'-טהא) טראַגאַנט אָדער טראַגאַנט-גומי. ז. ***tragacanth***.

tra'gal *a.* (טריי'-געל) וואָס איז שייך צום קליינעם אויער-לעפּעלע. ז. ***tragus***.

trage'dian *n.* (טרע-דזשי'-די-ען) א טראַגיקער [אן אַקטיאָר וואָס שפּיעלט טראַגעדיעס]; אן אַקטיאָר; א טראַגעדיען-פֿערפֿאַסער.

trage'dienne *n.* (טרע-דזשי'-די-ען) א טראַגעדין, א טראַגישע שוישפּיעלערין, אן אַקטריסע וואָס שפּיעלט אין א טראַגעדיע.

trag'edy *n.* (טרעדזש'-ע-די) א טראַגעדיע, א טרויער-שפּיעל [א דראַמאַטישעס ווערק מיט א טרויעריגער ענדע, אין וועלכען דער העלד אָדער די העלדין לעבען דורך א רייהע שטאַרקע ליידען]; א טרויעריגע פּאַסירונג, אן אונגליק.

Trag'edy *n.* (טרעדזש'-ע-די) די פֿערזאָניפֿיצירטע טראַגעדיע, מעלפּאָמענע, די מוזע אָדער די געטין פֿון דער טראַגעדיע.

tra'gi *n.* (טריי'-דזשאי) די קליינע אויער-לעפּעלעך. ז. ***tragus***.

trag'ic *a. and n.* (טרעדזש'-איק) טראַגיש; טרויעריג; שרעקליך, האַרצרייסענד; וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון א טראַגעדיע; וואָס איז שייך צו א טראַגעדיע; א טראַגעדיען-שרייבער; א טראַגעדיע.

trag'ical *a.* (טרעדזש'-אי-קעל) טראַגיש, טרויעריג, שרעקליך, האַרצרייסענד; וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון א טראַגעדיע; וואָס איז שייך צו א טראַגעדיע.

trag'ically *adv.* (טרעדזש'-אי-קעל-אי) אויף א טראַגישען, טרויעריגען אָדער האַרצרייסענדען אופֿן.

trag'icalness *n.* (טרעדזש'-אי-קעל-נעס) טראַגישקייט, טרויעריגקייט.

tragicom'edy *n.* (טרעדזש-אי-קאָמ'-ע-די) א טראַגי-קאָמעדיע [א דראַמאַטישעס ווערק וואָס איז געמישט פֿון טרויעריגע און קאָמישע סצענעס].

tragicom'ic *a.* (טרעדזש-אי-קאָמ'-איק) טראַגי-קאָמיש, טרויעריג און לעכערליך; וואָס בעשטעהט פֿון קאָמישע און טרויעריגע סצענעס; וואָס איז שייך צו א טראַגי-קאָמעדיע.

tragicom'ical *a.* (טרעדזש'-אי-קאמ'-אי-קעל) ז. ***tragicomic***

tragicom'ically *adv.* (טרעדזש'-אי-קאמ'-אי-קעל-אי) אויף א טראגי־קאמישען אופן; אויף א האלב־טרויעריגען האלב־קאמישען שטייגער.

trag'opan *n.* (טרעג'-א-פען) דער הארנדינגער פאזאן [אזא פאזאן מיט הארן־עהנליכע אנוואקסונגען אויף'ן קאפ]. ז. ***pheasant***

Trag'ulus *n.* (טרעג'-יו-לאס) א מין קליינע אזיאטישע הירשען.

tra'gus *n.* (טריי'-גאס) דאס קליינע לעפעלע פון אויער [די קליינע ארויסשטארצונג ביי דעם חלל פון אויער פון דער באק־זייט].

trail *n. and v.* (טרייל) א טייל וואס שלעפט זיך נאך פון הינטען; א שלעפע פון א קלייד; אן עק; דער עק פון א קאמעט; די שפור [סליאד] וואס עס בלייבט ווען מען שלעפט עטוואס אויף דער ערד אדער אויף וועלכער עס איז פלעכע; אן אויסגעטרעטענע שפור אדער שטעג; א שפור פון עטוואס; אזא ארכיטעקטור־פערציערונג פון בלעטער און בלומען; שלעפען; נאכשלעפען; טראגען די ביקס אין באלאנס מיט דער רעכטער האנד אזוי דאס דער קאלבען בעריהרט כמעט די ערד; אויסטרעטען א וועג; נאכיאגען חיות נאך דער שפור פון זייערע פים; געהן נאך דער שפור; זיך נאכשלעפען ווי א שלעפע פון א קלייד; זיך שלעפען; קריכען, געהן זעהר לאנגזאם; קריכען אדער שלעפען זיך אויף דער ערד [ווענען פלאנצען].

T-rail *n.* (טי'-רייל) א שינע אדער רעלסע וואס איהר קווער־שניט האט די פארם פון א **T**.

trail'-board *n.* (טרייל'-באורד) דאס שניצווערק פון דעם ראנד פון א שיף וואס פאנגט זיך אן פון די פערציערונגען פון דעם פאדערשטען שפיץ פון דער שיף.

trail'-car *n.* (טרייל'-קאר) א טראמוואי־וואגאן, וואס האט אליין ניט קיין מאטאר נאר ווערט צוגעטשעפעט צו אן אנדער וואגאן.

trai'ler *n.* (טריי'-לער) א קריכענדע אדער קלעטערענדע פלאנצע; איינער אדער עטוואס וואס שלעפט זיך; עטוואס וואס שלעפט זיך נאך; א קורצער שפיציגער שטאב, וואס שלעפט זיך נאך פון דעם הינטערשטען אקס פון א וואגען און וואס ווערט בענוצט אבצושטעלען דעם וואגען פאהרענדיג אויף משופע'דיגע בערג; אזא אלטמארישעס שיפעל וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען צו פאנגען פיש; א טראמוואי־וואגאן, וואס ווערט צוגעטשעפעט צו אן אנדער וואגאן; איינער וואס טרעט אוים א וועג; איינער וואס יאגט זיך נאך די שפורען פון א חיה.

trai'ling *a. and n.* (טריי'-לינג) זיך שלעפענד; קריכענד [ווענען פלאנצען]; דאס פאנגען פיש מיט א שלעפ־נעץ אדער שאר־נעץ [ז. ***trawling***].

trai'ling ar'butus (טריי'-לינג אר'-ביו-טאס) אזא אמעריקאנישע אראמאטישע קריכענדע אדער קלעטערענדע פלאנצע.

trai'ling ax'le (טריי'-לינג עקסל) דער הינטערשטער אקס פון א לאקאמאטיוו.

trai'ling-spring *n.* (טריי'-לינג-ספרינג) די פרוזשינע, וועלכע ווערט ארויפגעטהאן אויף דעם הינטער־אקס פון א לאקאמאטיוו כדי אבצושוואכען דאס קלאפען פון די הינטערשטע רעדער.

trai'ling-wheel *n.* (טריי'-לינג-הוויעל) א הינטער־ראד פון א וואגען; איינער פון די צוויי שטיץ־רעדער אויף דעם הינטערשטען אקס פון א לאקאמאטיוו.

trail'-net *n.* (טרייל'-נעט) א שלעפ־נעץ. ז. ***drag-net***

trai'ly *a.* (טריי'-לי) שלומפערדיג.

train *n. and v.* (טריין) א צוג, אן אייזענבאהן־צוג; דער טייל וואס שלעפט זיך נאך פון הינטען; דער הינטערשטער טייל; א שלעפע פון א קלייד; אן עק; דער עק פון א קאמעט; דער עק פון א פויגעל; א בעגלייטונג, א סוויטע; א סעריע, א רייה; די רעדער און שפינדעל פון א מעכאניזם דורך וועלכע די בעוועגונג ווערט איבערגעגעבען [ווי די רעדלעך פון א זייגער א. ד. ג.]; א סעריע אדער רייה וואלצען וואס ווערען געברויכט צו וואלצען מעטאל; א צוג אדער רייה פערד, קעמלען, עזלען א. ד. ג.; א צינד־ליניע אדער א צינדער פאר א מינע; א פראצעסיאן אדער א קאמפאניע וואס געהט אין ארדנונג; א פאסענדע ארדנונג אדער איינריכטונג; אזא שליטען אין קאנאדא צו פיהרען האלץ אדער אנדערע משא; עטוואס וואס ווערט בענוצט צו ציהען אדער צו פערפיהרען; אן אנלאקונג; א פערפיהרונג; ציהען, שלעפען; צוציהען, אנלאקען, פערפיהרען, ארייננארען; ערציהען, איינלערנען, איינאיבען; דרעסירען [אויסלערנען הינט, פערד א. ז. וו. פערשיעדענע קונצשטיק]; אויסריכטען, צובְרייטען; ציעלען, אנשטעלען אין ציעל; זיך איינאיבען, זיך איינלערנען; פאהרען מיט דער באהן; זיך חבר'ען, זיין אין נאהנטע בעציהונגען.

trai'nable *a.* (טריי'-נעבל) וואס קען ערצויגען ווערען, וואס קען אויסגעלערנט ווערען, וואס קען דרעסירט ווערען, וואס קען איינגעאיבט ווערען.

train'-band *n.* (טריינ'-בענד) א קאמפאניע בירגער־מיליץ [פריוויליגע סאלדאטען].

train'-bear'er *n.* (טריינ'-בעהר'-ער) א שלעפען־טרעגער [איינער וואס טראגט נאך די שלעפע פון א קלייד, ווי פון א קעניגין, פירסטין א. ד. ג.].

train'-boy *n.* (טריינ'-באי) א פערקויפער פון צייטונגען, זשורנאלען, קאנפעקטען א. ד. ג. אויף אייזענבאהן־ציגע.

train'-despatch'er *n.* (טריינ'-דעס-פעטש'-ער) א בעאמטער וואס פערטיילט די אייזענבאהן־ציגע נאך די אייזענבאהן־ליניען.

trained *a.* (טריינד) מיט א שלעפע; ערצויגען, אויסגעלערנט, איינגעאיבט.

trained band (טריינד בענד) אן איינגעלערנטע אדער איינגעמושטירטע ראטע סאלדאטען.

trai'ner *n.* (טריי'-נער) אן איינאיבער, א לעהרמייסטער, אן ערציהער; א צובערייטער; א דרעסירער; א מיליץ־סאלדאט; א ראהם צוצוגעבען פלאנצען א געוויסע ריכטונג אדער פארם.

train'-hand *n.* (טריינ'-הענד) ז. ***trainman***

trai'ning *n.* (טריי'-נינג) 1. איבונג; אויסבילדונג; פארבערייטונג; שולונג; ערציהונג; 2. דרעסירונג פון חיות; 3. די ענטוויקלונג פון די פיזישע קרעפטען; 4. די ערציהונג פון בוימלעך, אז זיי זאלען וואקסען אין א געוויסער פארם.

1. Children require **training** in obedience.
3. The athlete spent much time in **training**.

trai'ning-col'lege *n.* (טריי'-נינג-קאל'-עדזש) ז. ***training-school***

trai'ning-day *n.* (טריי'-נינג-דיי) א בעשטימטער טאג אין וועלכען מען מושטירט די בירגער־מיליץ.

trai'ning-school *n.* (טריי'-נינג-סקוהל) א לעהרער־סעמינאר, א שול צו פארבערייטען לעהרער אדער לעהרערינס.

trai'ning-ship *n.* (טריי'-נינג-שיפ) א שיף אויסצובילדען און פארצובערייטען מאטראזען.

train'less *a.* (טריינ'-לעס) אהן א שלעפע.

train'man *n.* (טריינ'-מען) איינער וואס איז בעשעפטיגט אויף אן אייזענבאהן־צוג.

train'-mile *n.* (טריינ'-מאיל) א באהן־מייל.

train'-oil *n.* (טריינ'-איל) וואלפיש־טראן.

train'-rob'ber *n.* (טריינ'-ראב'-ער) א רויבער וואס בעפאלט אן אייזענבאהן־צוג, אן אייזענבאהן־רויבער.

train'-shed *n.* (טריינ'-שעד) אן אבדאך אויף א פלאטפארם, וואו אן אייזענבאהן־צוג שטעלט זיך אב.

train'-sheet *n.* (טריינ'-שיעט) אן אייזענבאהן־קארטע [א קארטע, אויף וועלכער עס איז פערצייכענט די פערטיילונג פון די ציגע אויף די אייזענבאהן־ליניען].

train'-sig'nal *n.* (טריינ'-סיג'-נעל) א מעטאדע צו נעבען סיגנאלען אין אן אייזענבאהן־צוג פון די וואגאנען צו דעם לאקאמאטיוו.

traipse *v. and n.* (טרייפס) ז. ***trapes***

trait *n.* (טרייט) 1. א צוג, א שטריך; 2. א כאראקטעריסטישער צוג אדער שטריך; אן אייגענטימליכקייט.

2. His character exhibits all the Jewish traits, the best and the worst.

trait of char'acter (טרייט אוו קער'-עק-טער) א כאראקטער־צוג, א כאראקטער־שטריך.

trai'tor *n. and a.* (טריי'-טאר) א פעררעטער; פעררעטעריש.

trai'toress *n.* (טריי'-טאר-עס) א פעררעטערין.

trai'torous *a.* (טריי'-טאר-אס) פעררעטעריש.

trai'torously *adv.* (טריי'-טאר-אס-לי) אויף א פעררעטערישען אופן; דורך פערראט.

trai'torousness *n.* (טריי'-טאר-אס-נעס) פעררעטערישקייט.

trai'tress *n.* (טריי'-טרעס) א פעררעטערין.

traject' *v.* (טרע-דזשעקט') אריבערווארפען.

traj'ect *n.* (טרעדזש'-עקט) דאס אריבערווארפען; דאס אריבערפיהרען.

trajec'tion *n.* (טרע-דזשעק'-שאן) דאס אריבערווארפען; דאס אריבערפיהרען.

trajec'tory *n.* (טרע-דזשעק'-טא-רי) די ווארף־ליניע, די פלונ־ליניע [די קרומע ליניע וואס עס בעשרייבט אן אויסגעשאסענע קויל אדער אן אנדער זאך וואס ווערט נעווארפען אין דער לופט]; א קרומע ליניע, וועלכע שניידט דורך אלע אנדערע קרומע ליניען אונטער א בעשטימטען ווינקעל.

tram *n. and v.* (טרעם) א טראמוואי; א טראמוואי־רעלסע; א טראמוואי־וואגאן; אזא וואגען צום פיהרען קויהלען פון די קויהלען־גרובען; איינשלאג־זייד, אזא זארט דאפעלט געדרעהטע זיידענע פעדים; אזא

פארריכטונג צו פארמירען אוואלע מאדעלען אדער מוסטערס; אין א מיהל-ווערק — דער שטאנד פון שפינדעל פערפענדיקולאר צו דער פלעכע פון אונטערשטען מיהל-שטיין; פיהרען אדער טראנספארטירען מיט א טראמוואי; פאהרען מיט א טראמוואי.

tram'-car *n.* (טרעמ'-קאר) א טראמוואי-וואגאן; אזא קויהלען-וואגען וואס ווערט בענוצט אין קויהלען-גרובען.

tram'mel *n. and v.* (טרעמ'-על) א שלעפ-נעץ צו פאנגען פיש; א פישער-נעץ; א פענטע; א שפאן-רימען צו רעגולירען די בעוועגונגען פון א פערד; א הינדערניש, א שטערונג; אזא קרוק אויפצוהענגען טעפ, קעסלען א. ד. ג.; אן עליפסען-צירקעל [אזא צירקעל צום צייכענען עליפסען אדער אוואלע פיגורען]; פענטען, בינדען; הינדערען, שטערען.

tram'meled *a.* (טרעמ'-עלד) געפענטעט, געבונדען; געהינדערט; וואס האט א ווייסען צייכען אויף דעם פאדערשטען און הינטערשטען פוס פון איין זייט ווי א צייכען פון א פענטע [וועגען פערד].

tram'meler *n.* (טרעמ'-על-ער) א שטערער, א הינדערער; איינער וואס פאנגט פיש מיט א שלעפ-נעץ.

tram'melled *a.* (טרעמ'-עלד) ז. *trammeled*.

tram'meller *n.* (טרעמ'-על-ער) ז. *trammeler*.

tram'mel-net *n.* (טרעמ'-על-נעט) א שלעפ-נעץ צו פאנגען פיש.

tram'mel-wheel *n.* (טרעמ'-על-הוויעל) אזא ראד וואס פערוואנדעלט א וועקסעל-בעוועגונג אין אן איינפערמיגע קרייז-בעוועגונג.

tram'ming *n.* (טרעמ'-אינג) דאס איינשטעלען דעם שפינדעל פון א מיהל-שטיין פאלשטענדיג פערפענדיקולאר מיט דער פלעכע פון אונטערשטען שטיין.

tramonta'na *n.* (טרא-מאנ-טא'-נא) דער נארד-ווינד.

tramon'tane *a. and n.* (טרע-מאנ'-טיין) פון יענער זייט די אלפען-בערג; פון איבער די בערג; פרעמד, פון א פרעמדען לאנד; איינער וואס וואהנט איבער די בערג; א פרעמדער, א פרעמד-געבירטיגער; דער צפון-ווינד.

tramp *n. and v.* (טרעמפ) אן ארום-טרייבער, אן ארומשלעפער, אן ארומוואנדערער, א בראדיאגע, א מענש אהן א היים; א וואנדער-געזעל [אן ארבייטער וואס וואנדערט ארום זוכען ארבייט]; א רייזע צו פוס; א שפאציער צו פוס; דער טראמפלענדער קלאנג וואס עס הערט זיך ביים געהן אדער מארשירען; אן אייזערנע פלאטע וואס גרעבער טראגען אויף די זוילען פון די שיך כדי זיי זאלען ניט צושניטען ווערען פון דער לאפעטע; א פראכט-שיף וואס האט ניט קיין רעגולערען קורס נאר נעהמט אויף פראכט וואו עס מאכט זיך; אן אינסטרומענט ארומצושניידען א צאם פון בוימלעך; ארומוואנדערען, זיך ארומטרייבען, זיך ארומשלעפען; געהן צו פוס; מאכען א רייזע צו פוס; טראמפלען, טרעטען מיט די פיס.

tram'per *n.* (טרעמ'-פער) אן ארומוואנדערער, אן ארומטרייבער, אן ארומשלעפער, א בראדיאגע; א ציגיינער; א וואנדער-געזעל [אן ארבייטער וואס וואנדערט ארום זוכען ארבייט].

tram'-plate *n.* (טרעמ'-פלייט) א פלאכע רעלסע [שינע].

tram'ple *v. and n.* (טרעמפל) טרעטען מיט די פיס, טראמפלען; א טראמפעל, א שטארקער טראט מיט'ן פוס; דאס טראמפלען מיט די פיס.

tram'pler *n.* (טרעמ'-פלער) איינער וואס טרעט אדער טראמפעלט מיט די פיס.

trampoose' *v.* (טרעמ-פוהס') ארומוואנדערען, זיך ארומטרייבען, זיך ארומשלעפען.

tram'pous *v.* (טרעמ'-פאס) ז. *trampoose*.

tram'-rail *n.* (טרעמ'-רייל) ז. *tram-plate*.

tram'road *n.* (טרעמ'-ראוד) א טראם-וואי-ליניע; א טראמוואי.

tram'way *n.* (טרעמ'-הוויי) א טראמוואי, א גאסען-אייזענבאהן, א פערד-באהן.

tram'-wheel *n.* (טרעמ'-הוויעל) א ראד פון א טראמוואי-וואגאן.

trance *n. and v.* (טרענס) עקסטאז; ענטציקונג; בענייסטערונג; ערשטוינונג; א בעוואוסטלאזער צושטאנד; א היפנאטישער צושטאנד; בעשטירצונג; ענטציקען; בעצויבערען.

tran'cedly *adv.* (טרענ'-סעד-לי) אין ענטציקונג; אין עקסטאז; ווי בעצויבערט; ווי היפנאטיזירט.

tran'gram *n.* (טרענ'-גרעם) ז. *trankum*.

trank *n.* (טרענק) א צוגעשניטענעם שטיק לעדער פאר א הענטשקע.

tran'kum *n.* (טרענ'-קאם) עפוואס ווערטהלאזעס אדער אוננוציגעס.

tran'nel *n.* (טרענ'-על) א לאנגער האלץ-שטיפט, א פלעקעל.

tran'quil *a.* (טרענ'-קהוויל) שטיל, רוהיג, געלאסען.

tran'quilise *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) ז. *tranquilize*.

tranquiliza'tion *n.* (טרענ-קהוויל-אי-זיי'-שאן) דאס איינשטילען, דאס בערוהיגען; בערוהיגונג, איינשטילונג.

tran'quilize *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) איינשטילען, בערוהיגען; שטיל מאכען; זיך איינשטילען, זיך בערוהיגען; שטיל ווערען.

tran'quilizer *n.* (טרענ'-קהוויל-אי-זער) א בערוהיגער, אן איינשטילער; א בערוהיגונגס-מיטעל.

tran'quilizingly *adv.* (טרענ'-קהוויל-אי-זינג-לי) איינשטילענדיג, בערוהיגענדיג; צום בערוהיגען, צום איינשטילען.

tran'quillise *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) ז. *tranquilize*.

tranquil'lity *n.* (טרענ—קהוויל'-אי-טי) רוהיגקייט, שטילקייט; געלאסענהייט.

tranquilliza'tion *n.* (טרענ-קהוויל-אי-זיי'-שאן) ז. *tranquilization*.

tran'quillize *v.* (טרענ'-קהוויל-איז) ז. *tranquilize*.

tran'quillizer *n.* (טרענ'-קהוויל-אי-זער) ז. *tranquilizer*.

tran'quillizingly *adv.* (טרענ'-קהוויל-אי-זינג-לי) ז. *tranquilizingly*.

tran'quilly *adv.* (טרענ'-קהוויל-לי) אויף א רוהיגען אופן; רוהיג, שטיל, געלאסען.

tran'quilness *n.* (טרענ'-קהוויל-נעס) ז. *tranquillity*.

trans- (טרענס) איבער, דורך, פון יענער זייט [אווארט וואס ווערט בענוצט אלס צוזאץ צו אנדערע ווערטער].

transact' *v.* (טרענס-עקט') פערהאנדלען; דורכפיהרען; ערפילען, טהאן; אונטערהאנדלען, פיהרען אונטערהאנדלונגען.

transact' busi'ness (טרענס-עקט' ביז'-נעס) פיהרען געשעפטען, האנדלען; פערהאנדלען די געשעפטליכע פראגען.

transac'tion *n.* (טרענס-עק'-שאן) אונטערהאנדלונג, פערהאנדלונג, פיהרונג; דורכפיהרונג; אן עניין, אך עסק, אן אנגעלעגענהייט, א געשעפט; די שליכטונג אדער אויסגלייכונג פון א סכסוך דורך דער איינשטימונג פון ביידע צדדים.

transac'tions *n.* (טרענס-עק'-שאנז) די בעריכטען, וועלכע ענטהאלטען די רעפעראטען, פערהאנדלונגען, דיסקוסיאנען א. ז. וו. פון א פערזאמלונג וואס ווערט אבגעהאלטען פון א וויסענשאפטליכען פעראיין.

transac'tor *n.* (טרענס-עק'-טאר) א דורכפיהרער; אן אונטערהאנדלער, א פערהאנדלער; איינער וואס פיהרט געשעפטען.

transal'pine *a. and n.* (טרענס-על'-פין) וואס ליעגט איבער די אלפען-בערג, וואס געפינט זיך פון יענער זייט די אלפען; איינער וואס איז געבארען אדער וואהנט פון יענער זייט די אלפען.

transanima'tion *n.* (טרענס-ען-אי-מיי'-שאן) די זעעלען-וואנדערונג, דאס מגולגל ווערען פון דער נשמה פון א געשטארבענעם אין אן אנדער קערפער.

transatlan'tic *a.* (טרענס-עט-לענ'-טיק) טראנסאטלאנטיש, איבער דעם אטלאנטישען ים; וואס ליעגט אויף יענער זייט פון אטלאנטישען אקעאן; אמעריקאניש; וואס נעהט איבער'ן אטלאנטישען אקעאן [ווי א שיף].

transca'lency *n.* (טרענס-קיי'-לען-סי) די דורכלעסיגקייט אדער לייטונגס-פעהיגקייט פאר ווארימקייט; די אייגענשאפט דורכצולאזען ווארימקייט.

transca'lent *a.* (טרענס-קיי'-לענט) וואס לאזט דורך ווארימקייט.

transcauca'sian *a.* (טרענס-קאה-קיי'-שיען) פון יענער זייט קאווקאז.

transcend' *v.* (טרענ-סענד') אריבערשטייגען; איבערטרעפען; אריבערגעהן, אריבערטרעטען.

transcen'dence *n.* (טרענ-סענ'-דענס) איבערשטייגונג; איבערטרייבונג; איבערטרעפונג; פארטרעפליכקייט.

transcen'dency *n.* (טרענ-סענ'-דען-סי) ז. *transcendence*.

transcen'dent *a. and n.* (טרענ-סענ'-דענט) וואס שטייגט אריבער דעם העכסטען גראד; אויסערגעוועהנליך, אויסערארדענטליך, עקסטראארדינער; אין פילאזאפיע — טראנסצענדענט, וואס איז למעלה מן השכל, וואס איז העכער פון אירגענד וועלכער שכל'דיגער קאטעגאריע, ווי ארט, צייט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ד. ג. [ווי די אידעע פון גאט]; א טראנסצענדענץ, א רעאליטעט וואס קען ניט בעשטימט ווערען דורך קיין שכל'דיגער קאטעגאריע; עפעס וואס איז איבער דעם מענשליכען פערשטאנד אדער איבער זיינע בעגריפען; עפעס אויסערגעוועהנליכעס, אויסערארדענטליכעס; אין מאטעמאטיק — א טראנסצענדענטאלער אויסדרוק [א מאטעמאטישער ווערטה וואס קען ניט אויסגעדריקט אדער בעשטימט ווערען דורך אן אלגעבראאישער גלייכונג].

transcenden'tal *a. and n.* (טרענ-סען-דענ'-טעל) אין פילאזאפיע — טראנסצענדענטאל, וואס קומט ניט פון ערפאהרונג, אבער ליעגט אין דער ערפאהרונג

און איז נויטיג פאר איהר [ווי די אידעע פון ארט און צייט]; זעהר אבסטראקט; וואס קען ניט בעגריפען ווערען דורך דעם געוועהנליכען דענקען; אונזיניג, אונפערשטענדליך; אין מאטעמאטיק— טראנסצענדענט, וואס קען ניט אויסגעדריקט ווערען דורך אן אלגעבראאישער גלייכונג; א טראנסצענדענץ, עפעס וואס קען ניט בעשטימט ווערען דורך אירגענד וועלכע פון די צעהן אריסטאטעל'ס קאטעגאריען [ז. *categories of Aristotle*].

transcenden'tal cogni'tion (טרענ-סענ-דענ'-טעל קאג-ניש'-אן) דאס טראנסצענדענטאלע וויסען [דאס וויסען אדער ערקענטניס וואס מיר בעקומען ניט פון ערפאהרונג נאר פון שכל, לויט קאנט'ס פילאזאפיע].

transcenden'tal geom'etry (טרענ-סענ-דענ'-טעל דזשי-אמ'-ע-טרי) טראנסצענדענטאלע געאמעטריע, העכערע געאמעטריע, וועלכע ווערט בעהאנדעלט דורך דיפערענציאל און אינטעגראל-רעכנונג.

transcenden'tal ide'alism (טרענ-סענ-דענ'-טעל אי-די'-על-איזם) דער טראנסצענדענטאלער אידעאליזם [די פילאזאפישע טעאָריע פון קאנט, דאס די בעגריפען רוים, צייט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ז. וו. האבען מיר ניט בעקומען דורך ערפאהרונג, נאר זיי זייגען ביי אונז איינגעבארען].

transcenden'talism *n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איזם) טראנסצענדענטאליזם; אין קאנט'ס פילאזאפיע — די לעהרע, אז די פונדאמענטאלע פרינציפען, דורך וועלכע עס איז מעגליך אונזער ערקענטניס [ווי די אידעען פון ארט, צייט א. ד. ג.], שטאמען ניט פון דער ערפאהרונג, נאר זיי ערשיינען אלס פארמען פון אונזער שכל, ווען ער קומט אין בעריהרונג מיט די "נאומענען", מיט די זאכען פון דער אויסערליכער וועלט; אין שעלינג'ס פילאזאפיע — די לעהרע, אז צווישען דעם סוביעקט און אביעקט, צווישען דעם "איך" און דער וועלט, איז ניטא קיין שום חילוק, און דעריבער איז מעגליך אן אבסאלוטע קענטניס פון מאטעריע און גייסט, פון דער וועלט און גאט; דאס זיין זעהר אבסטראקט אדער טראנסצענדענטאל; דאס זיין פאנטאסטיש; איבערטרעפליכקייט.

transcenden'talist *n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איסט) א טראנסצענדענטאליסט, אן אנהענגער פון דער טראנסצענדענטאלער פילאזאפיע. ז. *transcendental*.

transcenden'talize *v.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איז) אויסטייטשען פון א טראנסצענדענטאלען שטאנדפונקט, מאכען טראנסצענדענטאל אדער איבערזינליך. ז. *transcendental*.

transcenden'tally *adv.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-אי) פון א טראנסצענדענטאלען שטאנדפונקט, ניט זייענדיג בעגרינדעט פון דער ערפאהרונג, נאר דער שכל איז אזוי מחיב; ניט קומענדיג פון ערפאהרונג, איז אבער נויטיג פאר דער ערפאהרונג.

transcenden'tal ob'ject (טרענ-סענ-דענ'-טעל אב'-דזשעקט) אין דער פילאזאפיע פון קאנט — די זאך אן זיך, די זאך ווי זי איז, ניט מאדיפיצירט דורך אונזער ערקענטניס.

transcenden'tal philos'ophy (טרענ-סענ-דענ'-טעל פי-לאס'-א-פי) די טראנסצענדענטאלע פילאזאפיע, די פילאזאפיע פון קאנט. ז. *Kantianism*.

transcen'dently *adv.* (טרענ-סענ'-דענט-לי) פארציגליך, פארטרעפליך, אויסערארדענטליך.

transcen'dentness *n.* (טרענ-סענ'-דענט-נעס) ז. *transcendence*.

transcen'dible *a.* (טרענ-סענ'-דיבל) וואס מען קען אריבערשטייגען אדער אריבערקריכען.

trans'colate *v.* (טרענס'-קא-לייט) דורכזייען; דורכזיפען.

transcontinen'tal *a.* (טרענס-קאנ-טי-נענ'-טעל) איבער'ן קאנטינענט, פון יענער זייט קאנטינענט. ז. *continental*.

transcrib'bler *n.* (טרענ-סקריב'-לער) א נאכלעסיגער איבערשרייבער אדער קאפירער; א קאפירער, א פלאגיאטאר [א ליטערארישער גנב].

transcribe' *v.* (טרענ-סקראיב') איבערשרייבען, קאפירען; איבערשרייבען אדער איבערארבייטען מוזיק פאר אן אנדער אינסטרומענט אדער שטימע, ווי די, פאר וועלכע די מוזיק איז געשריבען.

transcri'ber *n.* (טרענ-סקראי'-בער) אן איבערשרייבער, א קאפירער.

tran'script *n.* (טרענ'-סקריפט) אן איבערגעשריבענע קאפיע; א קאפיע; א נאכאהמונג.

transcrip'tion *n.* (טרענ-סקריפ'-שאן) די איבערשרייבונג, די קאפירונג; א קאפיע; אין מוזיק — דאס איבערשרייבען א קאמפאזיציע און צופאסען זי פאר אן אנדער אינסטרומענט [אדער שטימע] ווי די, פאר וועלכען זי איז אריגינעל פערפאסט געווארען.

transcrip'tional *a.* (טרענ-סקריפ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קאפיע; קאפירענד, איבערשרייבענד.

transcrip'tive *a.* (טרענ-סקריפ'-טיוו) ווי א קאפיע; איבערשרייבענד, קאפירענד.

transcrip'tively *adv.* (טרענ-סקריפ'-טיוו-לי) דורך קאפירען, דורך איבערשרייבען.

transduc'tion *n.* (טרענס-דאק'-שאן) דאס אריבערפיהרען; אריבערפיהרונג.

transect' *v.* (טרענ-סעקט') דורכשניידען, דורכשניידען פאר קווער.

transec'tion *n.* (טרענ-סעק'-שאן) א דורכשניט, א קווערער דורכשניט.

tran'sept *n.* (טרענ'-סעפט) דער קווער אדער קרייץ-פליגעל פון א קירך.

trans'fer *n.* (טרענס'-פויר) אן אריבערטראגונג, אן אריבערפיהרונג [פון איין פלאץ צו א צווייטען]; אן איבערטראגונג [פון א רעכט אדער בעזיץ פון איינעם צו א צווייטען]; דאס וואס ווערט איבערגעטראגען אדער אריבערגעפיהרט; די איבערטראגונג פון א צייכנונג אדער בילד אויף א ליטאגראפישען שטיין; די איבערגעטראגענע צייכנונג; א סאלדאט וואס ווערט אריבערגעפיהרט פון איין רעגימענט אדער קאמפאניע צו א צווייטער; א פונקט אויף אן אייזענבאהן-ליניע, וואו די וואגאנען ווערען אריבערגענומען מיט א פאראם-שיף איבער א טייך; א פונקט, וואו מען נעהט איבער פון איין באהן אדער טראמוואי אין א צווייטער, אן ארט וואו מען בייט די אייזענבאהן-ציגע; א פאראם אדער פאראם-שיף אריבערצופיהרען פראכטוואגאנען; דאס אריבערפיהרען פאסאזשירען און באגאזש מיט וועגען אדער אויטאמאבילען פון איין אייזענבאהן-סטאנציע צו א צווייטער אדער פון אן אייזענבאהן-סטאנציע צו א שיף; א בילעט וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף א טראמוואי אדער אייזענבאהן איבערצוגעהן אויף אן אנדער טראמוואי אדער אייזענבאהן פארטצוזעצען די רייזע; אין אמעריקאנער פאסט-אמט — דאס לייהען געלד פון איין קאנטא פאר א צווייטער.

transfer' *v.* (טרענס-פויר') אריבערטראגען, אריבערפיהרען [פון איין ארט צו א צווייטען]; איבערגעבען, איבערטראגען [א רעכט אדער בעזיץ פון איינעם צו א צווייטען]; אריבערטראגען אויף'ן ליטאגראפישען שטיין [וועגען א צייכנונג אדער בילד פון וואס עס דארף געמאכט ווערען א ליטאגראפיע]; אריבערגעהן פון איין טראמוואי אדער אייזענבאהן אין א צווייטער, בייטען די טראמוואיען, בייטען דעם צוג.

transferabil'ity *n.* (טרענס-פויר-ע-ביל'-אי-טי) איבערטראגבארקייט, איבערפיהרבארקייט, דאס זיין מעגליך איבערצוטראגען אדער אריבערצופיהרען.

transfer'able *a.* (טרענס-פויר'-עבל) איבערטראגבאר, וואס קען איבערגעטראגען ווערען; וואס קען אריבערגעפיהרט ווערען; וואס קען איבערגעגעבען ווערען.

trans'fer-book *n.* (טרענס'-פויר-בוק) א בוך צום איינשרייבען די איבערטראגונגען פון קאנטאס, פאנדס א. ד. ג. פון איינעם צום אנדערען.

transferee' *n.* (טרענס-פויר-איע') די פערזאן צו וועמען עס ווערט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען.

trans'fer-el'evator *n.* (טרענס'-פויר-על'-אי-וויי-טאר) א הויב-מאשין מיט וועלכער מען טראגט איבער משא פון איין שיף אויף א צווייטער.

trans'ference *n.* (טרענס'-פויר-ענס) איבערטראגונג; אריבערפיהרונג; דאס איבערטראגען; דאס אריבערפיהרען.

transferen'tial *a.* (טרענס-פע-רענ'-שעל) איבערטראגענד.

trans'fer-ink *n.* (טרענס'-פויר-אינק) איבערדרוק-טינט, איבערדרוק-טוש [אזא טינט וואס ווערט בענוצט צום איבערטראגען צייכנונגען אדער בילדער אויף'ן ליטאגראפישען שטיין צום דרוקען ליטאגראפיעס].

trans'fer loan (טרענס'-פויר לאון) אן איבערטראגבארע אנלייהע, א הלואה וואס קען איבערגעטראגען ווערען פון איינעם צום צווייטען אדער פון איין פאנד צו אן אנדערען.

transferog'raphy *n.* (טרענס-פע-ראג'-רע-פי) די קונסט צו קאפירען אלטע אינשריפטען אדער איינגראווירונגען פון מצבות, טאפלען א. ד. ג.

trans'fer-pa'per *n.* (טרענס'-פויר-פיי'-פער) איבערדרוק-פאפיער, ליטאגראפיע-פאפיער [אזא פאפיער מיט וועלכען מען טראגט איבער צייכנונגען אדער בילדער אויף דעם ליטאגראפישען שטיין צום דרוקען ליטאגראפיעס].

transfer'rence *n.* (טרענס-פויר'-ענס) ז. *transference*.

transfer'rer *n.* (טרענס-פויר'-ער) אן איבערטראגער, אן איבערגעבער; אן אינסטרומענט אדער נעצייג צום איבערטראגען אדער צום אריבערפיהרען.

transferribil'ity *n.* (טרענס-פויר-אי-ביל'-אי-טי) ז. *transferability*.

transfer'rible *a.* (טרענס-פויר'-איבל) ז. *transferable*.

transfer'ror *n.* (טרענס-פויר'-אר) ז. *transferrer*.

transfig'urate *v.* (טרענס-פיג'-יו-רייט) ז. *transfigure*.

transfigura'tion *n.* (טרענס-פיג-יו-ריי'-שאן) אומגעשטאלטונג, אומבילדונג, געשטאלט-פערוואנדלונג, די איבערבייטונג אדער ענדערונג פון אויסזעהן אדער גע-שטאלט; די אומגעשטאלטונג פון יעזוס קריסטוס [לויט דעם קריסטליכען גלויבען].

Transfigura'tion *n.* (טרענס-פיג-יו-ריי'-שאן) די אומגעשטאלטונג פון יעזוס קריסטוס [א קריסטליכער יום טוב דעם 6טען אויגוסט].

transfig'ure *v.* (טרענס-פיג'-יור) אומ-געשטאלטען, אומבילדען, פערוואנדלען; ענ-דערען דעם אויסזעהן; מאכען ערהאבען, אידעאליזירען.

transfig'urement *n.* (טרענס-פיג'-יור-מענט) ז. ***transfiguration***.

transfis'sion *n.* (טרענס-פיש'-אן) א קווער-שניט, א קווערער דורכשניט.

transfix' *v.* (טרענס-פיקס') דורכשטע-כען.

transfix'ion *n.* (טרענס-פיק'-שאן) א דורכשטעכונג; דאס דורכשטעכען.

trans'fluent *a.* (טרענס'-פלוה-ענט) דורכפליסענד, אריבערפליסענד.

trans'forate *v.* (טרענס'-פא-רייט) דורכבוירען.

transfora'tion *n.* (טרענס-פא-ריי'-שאן) א דורכבוירונג, דאס דורכבויערען.

transform' *v.* (טרענס-פארם') טראנס-פארמירען, אומבילדען, איבערמאכען, פער-וואנדלען; אומענדערען; זיך ענדערען; פערוואנדלען.

transfor'mable *a.* (טרענס-פאר'-מעבל) וואס קען טראנספארמירט ווערען, אומגעוואנדעלט אדער פערוואנדעלט ווע-רען.

transforma'tion *n.* (טרענס-פאר-מיי'-שאן) טראנספארמאציאן, אומבילדונג, אומ-געשטאלטונג, איבערמאכונג; אומוואנד-לונג, פערוואנדלונג אין אן אנדער פארם.

transfor'mative *a.* (טרענס-פאר'-מע-טיוו) וואס האט די נייגונג זיך אומצו-וואנדלען אדער זיך אומצוענדערען.

transfor'mator *n.* (טרענס-פאר'-מע-טאר) ז. ***transformer***.

transfor'mer *n.* (טרענס-פאר'-מער) א טראנספארמאטאר, אן עלעקטרישער אפא-ראט צו פערוואנדלען אן עלעקטרישען שטראם פון הויכער שפאנונג אין א שטראם פון נידריגער שפאנונג.

transfor'mism *n.* (טרענס-פאר'-מיזם) אין ביאלאגיע — טראנספארמיזם, די ענ-דערונגען אין ארגאניזמען וואס פערוואנד-לען איין מין אין א צווייטען, די לעהרע וועגען אויסבילדונגען פון נייע מינים דורך די ענדערונגען פון די ארגאניזמען.

trans'fuge *n.* (טרענס-פיודזש) א דע-זערטיר, אן אנטלאפענער פון מיליטער-דיענסט.

transfu'gitive *n.* (טרענס-פיו'-דזשי-טיוו) ז. ***transfuge***.

transfund' *v.* (טרענס-פאנד') ז. ***transfuse***.

transfuse' *v.* (טרענס-פיוז') איבערגי-סען פון איין כלי אין אן אנדערער; אין מעדיצין — איבערגיסען דאס בלוט פון די אדערען פון איין פערזאן אין די אדע-רען פון א צווייטער.

transfu'ser *n.* (טרענס-פיו'-זער) אן איבערגיסער.

transfu'sible *a.* (טרענס-פיו'-זיבל) וואס מען קען איבערגיסען.

transfu'sion *n.* (טרענס-פיו'-זשאן) אי-בערגיסונג; איבערטראגונג, איבערלייטונג; אין מעדיצין — די איבערגיסונג פון בלוט פון די אדערען פון איין פערזאן אין די אדערען פון א צווייטער.

transfu'sive *a.* (טרענס-פיו'-סיוו) איבערגיסענד, צום איבערגיסען.

transgress' *v.* (טרענס-גרעס') איבער-שרייטען, אריבערגעהן; איבערטרעטען; עובר זיין; בעגעהן אן עברה; זינדיגען.

transgress'ible *a.* (טרענס-גרעס'-איבל) וואס קען איבערגעטראטען ווערען; וואס מען קען עובר זיין.

transgres'sion *n.* (טרענס-גרעש'-אן) די איבערטרעטונג פון א געזעץ אדער בע-פעהל; א זינד, אן עברה.

transgres'sional *a.* (טרענס-גרעש'-אנ-על) שולדיג, זינדיג.

transgress'ive *a.* (טרענס-גרעס'-איוו) איבערטרעטענד דאס געזעץ, זינדיג, גע-נייגט צו זינד.

transgress'ively *adv.* (טרענס-גרעס'-איוו-לי) דורך איבערטרעטען אדער עובר זיין; זינדיג; אין געאלאגיע — ניט פא-ראלעל געלאגערט [וועגען ערד אדער פעלז-שיכטען].

transgress'or *n.* (טרענס-גרעס'-אר) אן איבערטרעטער; א זינדיגער, א בעל עברה.

transhape' *n.* (טרענ-שייפ') אן אומגע-שטאלטונג, אן אומוואנדלונג, אן אומענדע-רונג פון דער פארם אדער געשטאלט.

tranship' *v.* (טרענ-שיפ') איבערלאדען פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון איין וואגאן אין אן אנדערען; איבערפיה-רען אדער איבערזעצען פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון איין וואגען אין אן אנדערען.

tranship'ment *n.* (טרענ-שיפ'-מענט) די איבערלאדונג פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון איין וואגאן אין אן אנדערען.

tran'sience *n.* (טרענ'-שענס) עטוואס פאריבערגעהענדעס אדער פערגענגליכעס.

tran'siency *n.* (טרענ'-שענ-סי) ז. ***transience***.

tran'sient *a.* and *n.* (טרענ'-שענט) 1. פאריבערגעהענד, פערגענגליך, ניט פון לאנגער דויער, שנעל; איבערגעהענד פון איינעם צום אנדערען; 2. אין מוזיק — וואס קומט אריין צווישען אדער אין מי-טען אלס פערבינדונג [וועגען א נאטע אדער טאן]; 3. עטוואס וואס איז נור צייטווייליג, עטוואס ניט בעשטענדיגעס; 4. עטוואס פאריבערגעהענדעס אדער פער-גענגליכעס; 5. א צייטווייליגער גאסט.

5. The hotel accommodates transients only.

tran'siently *adv.* (טרענ'-שענט-לי) אין פאריבערגעהן, ניט פון לאנגען דויער, פאר א קורצער צייט.

tran'sientness *n.* (טרענ'-שענט-נעס) פערגענגליכקייט; קורצער דויער.

transillumina'tion *n.* (טרענס-אי-ליו-מי-ניי'-שאן) דורכלייכטונג, דורכשיי-נונג.

transi're *n.* (טרענס-אי'-רי) א פאסיר-צעטעל אדער צאל-שיין פון א צאלהויז [טאמאזשנע] דורכצולאזען אימפארטיר-טע סחורה.

tran'sit *n.* and *v.* (טרענ'-סיט) א דורכ-גאנג, אן איבערגאנג; דאס דורכגעהן; דאס דורכפיהרען; דאס טראנספארטירען; א טראנספארט-ליניע; א פערקעהר, א פערקעהרס-וועג; א וועג דורכצופאהרען דאס לאנד; אין אסטראנאמיע — דער דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פאר-ביי אן אנדער הימלישען קערפער [ווי דער דורכגאנג פון דער לבנה פארביי דער זון בעת א לקוי חמה]; אזא שפאקטיוו-אינסטרומענט צו מעסטען האריזאנטאלע ווינקלען; דורכגעהן די פלעכע פון א הימ-לישען קערפער.

tran'sit-cir'cle *n.* (טרענ'-סיט-סויר'קל) אן אסטראנאמישער אינסטרו-מענט צו בעטראכטען דעם דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פארביי אן אנדער הימלישען קערפער.

tran'sit-du'ty *n.* (טרענ'-סיט-דיו'-טי) אן אבצאהל אויף סחורה וואס ווערט דורכגעפיהרט דורך איין לאנד אין א צוויי-טען.

tran'sit-in'strument *n.* (טרענ'-סיט-אינ'-סטרו-מענט) אזא אסטראנאמישער שפאקטיוו צו בעאבאכטען דעם דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פארביי אנדערע הימלישע קערפער.

transi'tion *n.* (טרענ-סיש'-אן) 1. דער איבערגאנג פון איין ארט, געגענשטאנד אדער צושטאנד צו אן אנדערען; 2. פער-ענדערונג; 3. די איבערגאנגס-צייט, די איבערגאנגס-פעריאדע.

1. The last chapter of the book is in reality a transition to a second forthcoming volume. 2. We are living in a period of transition.

transi'tional *a.* (טרענ-סיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון איין צושטאנד אדער ארט צו אן אנדע-רען; וואס בעצייכענט אן איבערגאנג; וואס פערענדערט זיך.

transi'tionally *adv.* (טרענ-סיש'-אנ-על-אי) אלס איבערגאנג, אזוי ווי אן אי-בערגאנג [פון איין צושטאנד צו א צוויי-טען], אויף אן איבערגעהענדען אופן.

transi'tionary *a.* (טרענ-סיש'-אנ-ע-רי) ז. ***transitional***.

tran'sitive *a.* and *n.* (טרענ'-סי-טיוו) איבערגעהענד; אין גראמאטיק — טראנ-זיטיוו, איבערגעהענד [וועגען א צייט-ווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט, וועלכע געהט איבער אויף א געגענ-שטאנד]; א טראנזיטיווער צייטווארט, א פעל יוצא [א צייטווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט וועלכע געהט איבער אויף א געגענשטאנד, צ. ב. זעהן, עסען, שלא-גען א. ד. ג.].

tran'sitively *adv.* (טרענ'-סי-טיוו-לי) איבערגעהענדיג, אויף אן איבערגעהענדען אופן.

tran'sitiveness *n.* (טרענ'-סי-טיוו-נעס) דאס זיין איבערגעהענד.

tran'sitive verb (טרענ'-סי-טיוו ווארב) א טראנזיטיוועס צייטווארט, א פעל יוצא. ז. ***transitive***.

transitiv'ity *n.* (טרענ-סי-טיוו'-אי-טי) ז. ***transitiveness***.

tran'sitorily *adv.* (טרענ'-סי-טא-רי-לי) פערגענגליך, אויף א קורצער ווייל; פון קורצען דויער.

tran'sitoriness *n.* (טרענ'-סי-טא-רי-נעס) פערגענגליכקייט, דאס דויערען א קורצע ווייל.

tran'sitory *a.* (טרענ'-סי-טא-רי) פער-גענגליך, וואס דויערט א קורצע ווייל.

tran'sit-trade *n.* (טרענ'-סיט-טרייד) דער פערקעהרס-האנדעל, דער האנדעל מיט סחורות וואס געהען פון איין לאנד אדער געגענד צו א צווייטען.

transla'table *a.* (טרענס-ליי'-טעבל) איבערזעצבאר, וואס קען איבערזעצט ווע-רען פון איין שפראך אין אן אנדערער;

וואס קען אויסגעדריקט ווערען אין אנדערע ווערטער.

transla'tableness *n.* (טרענס-לייט'-טעבל-נעס) איבערזעצבארקייט, דאס קענען איבערזעצט ווערען אין אן אנדער שפראך.

translate' *v.* (טרענס-לייט') איבערזעצען אין אן אנדער שפראך; אויסדריקען אדער ערקלערען אין אנדערע ווערטער; קלאר מאכען אהן ווערטער; איבערטראגען, איבערשטעלען [פון איין ארט אויף א צווייטען]; אין מעכאניק — איבערזעצען א קערפער אין אן אנדער בעוועגונגס-לאגע; איבערפיהרען פון איין אמט אין א צווייטען; ארויפנעהמען לעבעדינערהייד אין הימעל; ענדערען די פארם, אומוואנדלען; איבערניצעווען, נעהען שיך אדער קליידער פון אלטען מאטעריאל; איבערשיקען אן ערהאלטענע טעלעגראמע דורך אן אנדער טעלעגראפען-ליניע אדער דורך דיזעלביגע ליניע.

transla'ting-screw *n.* (טרענס-לייט'-טינג-סקרוה) אן איבערשטעל-שרויף [א שרויף אין א מאשין אדער אפאראט וואס ווערט בענוצט איינצושטעלען א געוויסען טייל, אז ער זאל שטימען מיט די אנדערע טיילען].

transla'tion *n.* (טרענס-לייט'-שאַן) דאס איבערזעצען; אן איבערזעצונג; אן איבערטראגונג, אן איבערשטעלונג; א פערזעצונג פון איין אמט אין א צווייטען; דאס ארויפנעהמען אין הימעל לעבעדיגערהייד; דאס איבערניצעווען, דאס פאבריצירען פון אלטען מאטעריאל; א בעוועגונג אהן דרעהונג; די איבערשיקונג פון אן ערהאלטענער טעלעגראמע דורך אן אנדער טעלעגראפען-ליניע אדער דורך דערזעלבער ליניע.

transla'tional *a.* (טרענס-לייט'-שאַנ-על) איבערזעצענד; וואס איז שייך צו אן איבערזעצונג; איבערטראגענד, איבערשטעלענד.

trans'lative *a.* (טרענס'-לייט-טיוו) איבערזעצענד; איבערטראגענד.

transla'tor *n.* (טרענס-לייט'-טאר) אן איבערזעצער; א לאטוטניק, איינער וואס מאכט שיך פון אלטען מאטעריאל; דער טעלעגראפישער איבערטראגונגס-אפאראט [דער אפאראט מיט וועלכען מען שיקט איבער א טעלעגראמע]; אן אינסטרומענט אדער מאשין צו פערוואנדלען איין פארמע פון ענערגיע אין אן אנדערער [צ. ב. אן עלעקטרישע דינאמא-מאשין וועלכע פערוואנדעלט דאמפף-ענערגיע אין עלעקטרישע].

transla'tors *n.* (טרענס-לייט'-טארז) געטראגענע שיך, וועלכע ווערען פערריכט און צוגעפוצט צום פערקויפען.

trans'latory *a.* (טרענס'-לייט-טא-רי) איבערזעצענד; איבערטראגענד.

transla'tress *n.* (טרענס-לייט'-טרעס) אן איבערזעצערין.

translit'erate *v.* (טרענס-ליט'-ע-רייט) איבערגעבען די אויסשפראכע פון בוכשטאבען אדער ווערטער פון איין שפראך דורך בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translitera'tion *n.* (טרענס-ליט-ע-ריי'-שאַן) די איבערגעבונג פון דער אויסשפראכע פון בוכשטאבען אדער ווערטער פון איין שפראך דורך די בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translit'erator *n.* (טרענס-ליט'-ע-ריי-טאר) איינער וואס גיט איבער די אויסשפראכע פון ווערטער פון איין שפראך דורך בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translocaliza'tion *n.* (טרענס-לאו-קעל-אי-זיי'-שאַן) ז. ***translocation***.

translo'cate *v.* (טרענס-לאו'-קייט) איבערשטעלען אויף אן אנדער ארט.

transloca'tion *n.* (טרענס-לאָ-קיי'-שאַן) די איבערשטעלונג אויף אן אנדער ארט.

translu'cence *n.* (טרענס-ליו'-סענס) ז. ***translucency***.

translu'cency *n.* (טרענס-ליו'-סענ-סי) דורכזיכטיגקייט; דאס דורכשיינען.

translu'cent *a.* (טרענס-ליו'-סענט) דורכשיינענד; דורכזיכטיג.

translu'cently *adv.* (טרענס-ליו'-סענט-לי) אויף א דורכזיכטיגען אדער דורכשיינענדען אופן.

translu'cid *a.* (טרענס-ליו'-סיד) ז. ***translucent***.

translu'nar *a.* (טרענס-לו'-נאר) וואס איז פון יענער זייט אדער הינטער דער לבנה.

trans'lunary *a.* (טרענס'-לו-נע-רי) ז. ***translunar***.

transmarine' *a.* (טרענס-מע-רין') וואס איז פון יענער זייט ים.

transme'dian *a.* (טרענס-מי'-די-ען) וואס געהט דורך דער מיטעל-ליניע פון קערפער.

transmerid'ional *a.* (טרענס-מי-ריד'-אי-א-נעל) וואס קרייצט דורך דעם מערידיאן. ז. ***meridian***.

trans'migrant *a. and n.* (טרענס'-מי-גרענט) איבערוואנדערענד פון איין לאנד אין אן אנדערען; אויסוואנדערענד; אן אויסוואנדערער, אן איבערוואנדערער, אן עמיגראנט; א גלגול, איינער וואס געהט איבער אין אן אנדער צושטאנד אדער אין אן אנדער קערפער.

trans'migrate *v.* (טרענס'-מי-גרייט) איבערוואנדערען, אויסוואנדערען; איבערגעהן פון איין קערפער אין אן אנדערען.

transmigra'tion *n.* (טרענס-מי-גריי'-שאַן) די איבערוואנדערונג, די אויסוואנדערונג; גלגול הנפש, דאס מגולגל ווערען פון דער נשמה אין אן אנדער קערפער אדער בעשעפעניש.

transmigra'tionism *n.* (טרענס-מי-גריי'-שאַנ-איזם) דאס גלויבען אין גלגול הנפש, אז די נשמה פון א מענשען נאך זיין טויט ווערט מגולגל אין אן אנדער קערפער.

trans'migrator *n.* (טרענס'-מי-גריי-טאר) אן איבערוואנדערער, אן אויסוואנדערער.

transmi'gratory *a.* (טרענס-מאי'-גריי-טא-רי) איבערוואנדערענד, אויסוואנדערענד; מגולגל ווערענדיג.

transmissibil'ity *n.* (טרענס-מיס-אי-ביל'-אי-טי) די איבערטראגבארקייט, די איבערגעבליכקייט, די מעגליכקייט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען צו ווערען צו אן אנדערען.

transmis'sible *a.* (טרענס-מיס'-איבל) איבערטראגבאר, איבערגעבליך, וואס קען איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווערען צו אן אנדערען.

transmis'sion *n.* (טרענס-מיש'-אַן) די איבערטראגונג, די איבערגעבונג; די איבערזענדונג, די איבערשיקונג; אין ביאלאגיע — דאס איבערגעהן בירושה [וועגען די אייגענשאפטען פון די עלטערען וואס געהען איבער צו די קינדער]; אין פיזיק — דאס דורכגעהן [ווי א שטראהל געהט דורך דורך גלאז]; א טראנסמיסיאן [די פארריכטונג אריבערצוטראגען די בעוועגונג פון א מאטאר צו די רעדער פון א מאשין (ווי ביי אויטאמאבילען, טראמוואי-וואגאנען, פאבריק-מאשינען א. ד. ג.)].

transmis'sive *a.* (טרענס-מיס'-איוו) איבערגעטראגען, איבערגעגעבען; איבערגעשיקט; וואס קען איבערגעגעבען אדער איבערגעשיקט ווערען.

transmit' *v.* (טרענס-מיט') איבערטראגען, איבערגעבען צו אן אנדערען; איבערשיקען; דורכפיהרען, מאכען עס זאל דורכגעהן.

transmit'table *a.* (טרענס-מיט'-עבל) וואס קען איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווערען.

transmit'tal *n.* (טרענס-מיט'-על) איבערטראגונג, איבערגעבונג.

transmit'tance *n.* (טרענס-מיט'-ענס) דאס איבערגעבען, דאס איבערטראגען.

transmit'ter *n.* (טרענס-מיט'-ער) אן איבערמאכער, אן איבערטראגער אדער איבערגעבער; אן איבערשיקער.

transmit'tible *a.* (טרענס-מיט'-איבל) ז. ***transmissible***.

transmogrifica'tion *n.* (טרענס-מאג-רי-פי-קיי'-שאַן) די פערוואנדלונג, דאס פערוואנדלען אין אן אנדער פערזאן אדער זאך, ווי דורך מאגיק [א הומאריסטישער אויסדרוק].

transmog'rify *v.* (טרענס-מאג'-רי-פאי) פערוואנדלען אין אן אנדער פערזאן אדער זאך [א הומאריסטישער אויסדרוק].

transmontane' *a.* (טרענס-מאנ-טיין') איבער'ן בארג, אויף יענער זייט בארג, הינטער'ן בארג.

transmor'phism *n.* (טרענס-מאהר'-פיזם) טראנסמארפיזם, די טראנספארמאציאן אדער די פערוואנדלונג פון איין זאך אין אן אנדערער.

transmutabil'ity *n.* (טרענס-מיו-טע-ביל'-אי-טי) פערוואנדעלבארקייט, דאס קענען פערוואנדעלט ווערען אין אן אנדער זאך.

transmu'table *a.* (טרענס-מיו'-טעבל) פערוואנדעלבאר, וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין אן אנדער זאך.

transmu'tableness *n.* (טרענס-מיו'-טעבל-נעס) ז. ***transmutability***.

transmu'tably *adv.* (טרענס-מיו'-טע-בלי) דורך פערוואנדלונג, דורך דער פעהיגקייט פערוואנדעלט צו ווערען אין אן אנדער זאך.

transmuta'tion *n.* (טרענס-מיו-טיי'-שאַן) די פערוואנדלונג; אין אלכעמיע — די פערוואנדלונג פון ביליגע מעטאלען אין טייערע, ווי אין גאלד און זילבער; אין געאמעטריע — די אומענדערונג פון איין קערפער אדער פיגור אין אן אנדערער [ווי דאס מאכען פון א דרייעק א קוואדראט]; אין ביאלאגיע — די אומענדערונג פון א מין, טראנספארמיזם [ז. ***transformism***]; אבוועקסלונג, דאס בייטען זיך, דאס פאלגען איינער איבער דעם אנדערען [אזוי, אז פריהער געהט דער ערשטער, נאכדעם דער צווייטער, דערנאך ווידער דער ערשטער א. ז. וו.].

transmuta'tionist *n.* (טרענס-מיו-טיי'-שאַנ-איסט) א טראנספארמיסט, אן אנהענגער פון דער לעהרע וועגען טראנספארמיזם [ז. ***transformism***]; איי-

נער, וועלכער גלויבט אין דער מעגליכ־
קייט צו פערוואנדלען בילינע מעטאלען
אין גאלד און זילבער, אן אלכעמיקער.
transmu'tative *a.* (טרענס־מיו׳־טע־
טיוו) וואס פערוואנדעלט אדער פערענ־
דערט; וואס כאראקטעריזירט זיך דורך
טראנספארמיזם אדער פערוואנדלונג אין
אן אנדער פארם.
transmute' *v.* (טרענס־מיוט׳) פערוואנד־
לען, פערענדערען.
transmu'ted *a.* (טרענס־מיו׳־טעד)
פערוואנדעלט אין אן אנדער קערפער אדער
פארם.
transmu'ter *n.* (טרענס־מיו׳־טער) א
פערוואנדלער, א פערענדערער.
transna'ture *v.* (טרענס־ניי׳־טשור)
אומוואנדלען די נאטור אדער די טבע.
transnor'mal *a.* (טרענס־נאהר׳־מעל)
איבערנארמאל, מעהר ווי נארמאל.
transocean'ic *a.* (טרענס־או־שי־ען׳־
איק) וואס ליענט אויף יענער זייט פון
אקעאן; וואס שניידט דורך, פליהט דורך
אדער פאהרט דורך דעם אקעאן.
tran'som *n.* (טרען׳־סאם) אין ארכי־
טעקטור — א קווער־באלקען, א קווער־רי־
געל; א קווער־שטאב; דער קווער־באלקען
איבער א טהיר אדער פענסטער; א פענ־
סטער איבער דעם אויבערשטען קווער־באל־
קען פון א טהיר; איינע פון די אויבער־
שטע קווער־באלקענס אין דעם הינטער־טייל
פון א שיף.
tran'som-win'dow *n.* (טרען׳־סאם־
הווינ׳־דאו) א פענסטער איבער דעם אוי־
בערשטען קווער־באלקען פון א טהיר.
transpa'dane *a.* (טרענס־פיי׳־דיין)
וואס ליענט אויף דער אנדערער זייט פון
דעם טייך פא אין איטאליען [צו צפון־
זייט פון דער שטאדט רום].
Transpa'dane Repub'lic (טרענס־
פיי׳־דיין רי־פאב׳־ליק) די לאמבארדישע
רעפובליק אין איטאליען, וועלכע נאפא־
לעאן דער ערשטער האט געגרינדעט אין
יאהר 1796.
transpar'ence *n.* (טרענס־פעהר׳־ענס)
ז. *transparency*.
transpar'ency *n.* (טרענס־פעהר׳־ענ־
סי) דורכזיכטיגקייט; א טראנספאראנט, א
בילד אדער אויפשריפט אויף דורכזיכטי־
גער מאטעריע, א ראהם מיט אויפשריפ־
טען בעלויכטען פון אינווייניג.
transpar'ent *a.* and *n.* (טרענס־פעהר׳־
ענט) דורכזיכטיג; וואס לאזט דורך ליכט־
שטראהלען; וואס מען קען זעהן דורך און
דורך, קלאר, פערשטענדליך; ליכטיג, העל;
א קלייד פון א לייכטען דורכזיכטיגען
שטאף, וואס ווערט געטראגען איבער אן
אנדערען רייך־געפוצטען קלייד.
transpar'ently *adv.* (טרענס־פעהר׳־
ענט־לי) אויף א דורכזיכטיגען שטייגער;
זעהר קלאר, דורכזיכטיג.
transpar'entness *n.* (טרענס־פעהר׳־
ענט־נעס) דורכזיכטיגקייט.
transpe'ciate *v.* (טרענס־ספי׳־שי־אייט)
פערוואנדלען אין אן אנדער מין.
transpecia'tion *n.* (טרענס־ספי־שי־
איי׳־שאן) די פערוואנדלונג אין אן אנ־
דער מין.
transpic'uous *a.* (טרענ־ספיק׳־יו־אס)
דורכשיינענד, דורכזיכטיג.
transpierce' *v.* (טרענס־פירס׳) דורכ־
שטעכען; דורכדרינגען.
transpir'able *a.* (טרענ־ספאיר׳־עבל)
וואס קען אויסגעדונסטעט ווערען; וואס
קען ארויסקומען אלס שוויס.
transpira'tion *n.* (טרענ־ספי־ריי׳־
שאן) די אויסדונסטונג; דאס שוויסען,
דאס אויסשוויצען.
transpir'atory *a.* (טרענ־ספאיר׳־ע־
טא־רי) אויסדונסטענד.
transpire' *v.* (טרענ־ספאיר׳) 1. זיך
אויסדונסטען; אויסדונסטען, אויספארען;
2. ארויסקומען, בעקאנט ווערען.
2. Afterwards it **transpired** that the battle was fought after peace had been established.
transplace' *v.* (טרענס־פלייס׳) איבער־
זעצען אין אן אנדער פלאץ; איבערשטע־
לען; איבערטראגען.
transplant' *v.* (טרענס־פלענט׳) איבער־
פלאנצען, איבערזעצען [אין אן אנדער
ארט].
transplan'table *a.* (טרענס־פלען׳־
טעבל) וואס קען איבערגעזעצט ווערען אין
אן אנדער ארט.
transplanta'tion *n.* (טרענס־פלען־
טיי׳־שאן) די איבערפלאנצונג, די איבער־
זעצונג [אין אן אנדער ארט]; אין כי־
רורגיע — דאס איבערזעצען א שטיקעל
לעבעדיג פלייש פון איין קערפער־טייל צו
אן אנדערען [ווי ביי געוויסע אפעראציא־
נען]; א כלומר'שדיגע מעטאדע צו היילען
א קראנקהייט דורך איבערטראגען איהר
פון דער קראנקער צו א געזונטער פער־
זאן.
transplan'ter *n.* (טרענס־פלען׳־טער)
אן איבערזעצער, אן איבערפלאנצער; א
מאשין איבערצוטראגען בוימער.
transplan'ting *n.* (טרענס־פלען׳־טינג)
דאס איבערפלאנצען, דאס איבערזעצען;
דאס וואס ווערט איבערגעפלאנצט אדער
איבערגעזעצט.
transplen'dency *n.* (טרענ־ספלען׳־
דען־סי) אן אויסערגעוועהנליך שטארקער
גלאנץ.
transplen'dent *a.* (טרענ־ספלען׳־
דענט) זעהר גלענצענד; מיט אן אויסער־
געוועהנליך שטארקען גלאנץ.
transplen'dently *adv.* (טרענ־ספלען׳־
דענט־לי) מיט אן אויסערגעוועהנליכען
גלאנץ.
transponibil'ity *n.* (טרענס־פאו־ני־
ביל׳־אי־טי) דאס קענען איבערגעטראגען
אדער איבערגעשטעלט ווערען.
ז. *transpose*.
transpo'nible *a.* (טרענס־פאו׳־ניבל)
ז. *transposable*.
transpon'tine *a.* (טרענס־פאנ׳־טין)
וואס געפינט זיך אויף יענער זייט פון
בריק.
transport' *v.* (טרענס־פאורט׳) טראנס־
פארטירען, איבערפיהרען, איבערברייננגען;
אוועקשיקען; פערשיקען צו צוואנגס־ארבייט
אדער קאטארגע; ארויסברייננגען פון די
כלים, מאכען אויסער זיך.
trans'port *n.* (טרענס׳־פאורט) דער
טראנספארט, די אוועקשיקונג; די איבער־
טראגונג; א שיף וואס דיענט איבערצו־
פיהרען סאלדאטען אדער פראוויאנט; א
פעראורטיילטער צום פערשיקען; א פער־
שיקטער; א צושטאנד פון העכסטער בע־
גייסטערונג אדער ענטציקונג; עקסטאז.
transportabil'ity *n.* (טרענס־פאור־
טע־ביל׳־אי־טי) דאס קענען טראנספאר־
טירט אדער איבערגעטראגען ווערען.
transpor'table *a.* (טרענס־פאור׳־
טעבל) וואס קען טראנספארטירט אדער
אוועקגעשיקט ווערען; וואס דארף פער־
אורטיילט ווערען צום פערשיקען [ווי
אויף קאטארזשנע ארבייט].
transpor'tal *n.* (טרענס־פאור׳־טעל)
ז. *transportation*.
transporta'tion *n.* (טרענס־פאר־טיי׳־
שאן) די איבערשיקונג, די אוועקשיקונג;
די איבערטראגונג, די איבערגעבונג; דאס
פערשיקען צו צוואנגס־ארבייט; דאס ארויס־
געהן פון די כלים, דאס זיין אויסער זיך;
עקסטאז, א צושטאנד פון העכסטער בע־
גייסטערונג.
transpor'tedness *n.* (טרענס־פאור׳־
טעד־נעס) דאס זיין אויסער זיך [פון
פרייד אדער ענטציקונג].
transportee' *n.* (טרענס־פאר־טיע׳) אין
אויסטראליען — א פערשיקטער.
transpor'ter *n.* (טרענס־פאור׳־טער)
א טראנספארטירער, אן איבערשיקער, אן
איבערטראגער.
transpor'ting *a.* (טרענס־פאור׳־טינג)
אויסער זיך פון בעגייסטערונג אדער ענט־
ציקונג, אין עקסטאז.
transpor'tingly *adv.* (טרענס־פאור׳־
טינג־לי) זייענדיג אויסער זיך; אין צו־
שטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער
ענטציקונג.
trans'port-ship *n.* (טרענס׳־פאורט־
שיפ) א טראנספארט־שיף, א שיף צו
טראנספארטירען סאלדאטען, פראוויאנט
א. ד. ג.
trans'port-ves'sel *n.* (טרענס׳־פאורט־
וועס׳־על) ז. *transport-ship*.
transpo'sable *a.* (טרענס־פאו׳־זעבל)
וואס קען איבערגעשטעלט ווערען אזוי, אז
די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די
ערטער.
transpo'sal *n.* (טרענס־פאו׳־זעל) די
איבערשטעלונג אזוי, אז די זאכען ביי־
טען זיך מיט די ערטער.
transpose' *v.* (טרענס־פאוז׳) איבער־
שטעלען, מאכען אז צוויי אדער עטליכע
זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ער־
טער; אין אלגעברא — איבערטראגען טיי־
לען פון א גלייכונג פון איין זייט צו דער
צווייטער; אין רעטאריק — בייטען דעם
סדר פון די ווערטער אין א זאץ; אין
מוזיק — בייטען דעם טאן.
transpo'ser *n.* (טרענס־פאו׳־זער) איי־
נער וואס טראגט איבער אדער שטעלט אי־
בער אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומ־
בייטען מיט די ערטער.
transpo'sing *a.* (טרענס־פאו׳־זינג)
וואס דיענט איבערצוטראגען אדער איבער־
צושטעלען אזוי, אז די זאכען זאלען זיך
אומבייטען מיט די ערטער.
transposi'tion *n.* (טרענס־פא־זיש׳־אן)
די אומשטעלונג, די אומבייטונג מיט די
ערטער.
transposi'tional *a.* (טרענס־פא־זיש׳־
אנ־על) וואס איז שייך צו אומשטעלונג
אדער אומבייטונג מיט די ערטער.
transpos'itive *a.* (טרענס־פאז׳־אי־
טיוו) אומשטעלענד, אומבייטענד; וואס
איז געמאכט דורך איבערטראגונג אדער
איבערשטעלונג.
transpos'itively *adv.* (טרענס־פאז׳־
אי־טיוו־לי) דורך אומשטעלונג, דורך
איבערטראגונג.
transpos'itor *n.* (טרענס־פאז׳־אי־טאר)
ז. *transposer*.
transprint' *v.* (טרענס־פרינט׳) אין דרוי־
קעריי — פערדרוקען, דרוקען ניט אין דעם
ריכטיגען ארט.
transprose' *v.* (טרענס־פראוז׳) איבער־
מאכען א געריכט אין פראזע.

transsepul'chral *a.* (טרענס-סי-פאל׳-קרעל) נאך׳ן טויט.

transshape' *v.* (טרענס-שייפ׳) פערוואנדלען אין אן אנדער געשטאלט, טראנספארמירען.

transship' *v.* (טרענס-שיפ׳) ז. *tranship*.

transship'ment *n.* (טרענס-שיפ׳-מענט) ז. *transhipment*.

transubstan'tiate *v.* (טרענ-סאב-סטענ׳-שי-אייט) פערוואנדלען אין אן אנדער סובסטאנץ אדער וועזען; אין טעאלאגיע — פערוואנדלען דאס ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל אין פלייש און בלוט פון יעזוס קריסטוס. ז. *transubstantiation*.

transubstantia'tion *n.* (טרענ-סאב-סטענ-שי-איי׳-שאן) טראנסובסטאנציאציאן, די ווירקליכע פערוואנדלונג פון ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל אין פלייש און בלוט פון יעזוס קריסטוס [א דאגמא פון דער קאטוילישער און פראוואסלאווונער קירכען אין געגענזאץ צו דער לעהרע פון דער פראטעסטאנטישער קירך, אז דיעזע פערוואנדלונג איז ניט קיין ווירקליכע, נאר בלויז א סימבאלישע].

transuda'tion *n.* (טרענ-סיו-דיי׳-שאן) די דורכשוויצונג.

transu'datory *a.* (טרענ-סיו׳-דיי-טא-רי) דורכשוויצענד.

transude' *v.* (טרענ-סיוד׳) דורכשוויצען, אויסשוויצען.

transump'tion *n.* (טרענ-סאמפ׳-שאן) דאס אריבערנעהמען פון איין פלאץ צו אן אנדערען.

transump'tive *a.* (טרענ-סאמפ׳-טיוו) וואס איז איבערגעטראגען פון איין זאך אויף א צווייטער; מעטאפאריש [ז. *metaphoric*].

transva'sate *v.* (טרענס-וויי׳-סייט) ז. *transvase*.

transvase' *v.* (טרענס-וויים׳) איבערגיסען אין אן אנדער כלי.

transver'sal *a. and n.* (טרענס-וואיר׳-סעל) קווער; וואס ליעגט אין דער ברייט; אין געאמעטריע — א טראנסווערזאלע, א ליניע וואס שניידט דורך עטליכע אנדערע ליניעס; אין אנאטאמיע — א מוסקול וואס ליעגט קווער צו אנדערע מוסקולען.

transversa'lis *n.* (טרענס-וואיר-סיי׳-ליס) אין אנאטאמיע — איינער פון עטליכע פערשיעדענע מוסקולען, וואס ליעגען אין דער ברייט פון געוויסע קערפערטיילען.

transversal'ity *n.* (טרענס-וואיר-סעל׳-אי-טי) דאס זיין קווער; דאס ליעגען אין דער ברייט.

transver'sally *adv.* (טרענס-וואיר׳-סעל-אי) זייענדיג קווער; ליעגענדיג אין דער ברייט.

transverse' *a., adv., n. and v.* (טרענס-וואירס׳) קווער, וואס ליעגט אין דער ברייט; אין אנאטאמיע — ברייטער איידער לענגער [וועגען קערפער-טיילען וואס ליעגען אין דער ברייט פון אנדערע קערפער-טיילען]; א קערפער-טייל וואס ליעגט קווער צו אן אנדער קערפער-טייל; איבערקעהרען מיט׳ן קאפ אראב; איבערבייטען, אומענדערען.

transverse'ly *adv.* (טרענס-וואירס׳-לי) אין א קווער-ריכטונג; ליעגענדיג אדער ציהענדיג זיך אין דער ברייט.

transver'sus *n.* (טרענס-וואיר׳-סאס) אין אנאטאמיע — א קווער-ליעגענדער מוסקול.

Transylva'nian *a. and n.* (טרענ-סיל-וויי׳-ני-ען) וואס איז שייך צו טראנסילוואניע [דער דרום-מזרח טייל פון אונגארן]; א בירגער אדער אן איינוואוינער פון טראנסילוואניע.

trap *n. and v.* (טרעפ) א פאסטקע, א נעץ; אזא פארריכטונג צו פערהאלטען עפעס און פלוצלונג ארויסלאזען אין דער לופט צו שיסען אין דעם [ווי די, וועלכע לערנען זיך צו שיסען פויגלען, טהוען עס מיט לעבעדיגע טויבען]; א טייל פון א קאנאליזאציאנס-רעהר אדער פון א וואטער-קלאזעט וואס איז אויסגעבויגען אין דער פארם פון א U און איז אלע מאל אנגעפילט מיט וואסער, כדי ניט צו דערלאזען אז די שטינקענדע גאזען זאלען ארויפקומען; אזא באל-שפיעל [ז. *trap-ball*]; א פאל-טהיר [א טהיר וואס הויבט זיך אויף און פאלט ארונטער, ווי אין א פארלאגע]; א קארעטע אויף רעסארען; עפעס וואס וואקעלט זיך, א געביידע אויף היהנערשע פיסלעך; א שפיצעל אריינצונארען איינעם אין זאק; א פאליציסט, א פאליצייסקער; אין געאלאגיע—דער טראפ [א שווארצער זיילענארטיגער פעלז פון וואלקאנישער אבשטאמונג]; אריינכאפען אין פאסטקע; ארייננארען אין זאק; האלטען עפעס אין אזא פארריכטונג און פלוצלונג ארויסלאזען אין דער לופט צו שיסען אין דעם; פערהאלטען דעם שטראם פון שטינקענדע גאזען אין א קאנאליזאציאנס-רעהר דורך אויסבויגען א טייל פון רעהר אין דער פארם פון א U; לעגען א פאסטקע; זיך אבשטעלען, ניט ארויסגעהן [וועגען דעם שטראם פון גאזען אין א קאנאליזאציאנס-רעהר]; ציערען, אויספוצען, בעהענגען מיט ציערונגען [ווי א געשפאן פון א פערד].

trapan'ner *n.* (טרע-פענ׳-ער) א פאנגער, איינער וואס כאפט אריין אין נעץ; א פערפיהרער, א בעטריגער.

trap'-ball *n.* (טרעפ׳-באהל) שלאג-באל שפיעל, א באל-שפיעל, וואו דער באל ווערט געלעגט אויף איין ענד פון א העלצעל, וואס באלאנסירט אויף אן אקס און שפרינגט אב, ווען מען קלאפט אב מיט א שטעקעל דעם אנדערען ענד פון דעם העלצעל.

trap'-door *n.* (טרעפ׳-דאור) א פאל-טהיר [א טהיר אין א דאך אדער פארלאגע וואס הויבט זיך אויף און פאלט ארונטער].

trape *v.* (טרייפ) זיך ארומשלייען, זיך ארומשלעפען אהן א ציעל.

trapes *n. and v.* (טרייפס) א שמוציגע פרוי, א שלומפער; אן ארומשלעפעך, א באסיאק; זיך ארומשלייען, זיך ארומשלעפען.

trap'ezate *a.* (טרעפ׳-אי-זייט) ז. *trapeziform*.

trapeze' *n.* (טרע-פיז׳) א טראפעצע, א שטעקען וואס איז פון ביידע זייטען אנגעבונדען אויף הענגענדע שטריק פאר גימנאסטישע איבונגען און קונצען; אין געאמעטריע — א טראפעציום [ז. *trapezium*].

trape'zian *a.* (טרע-פי׳-זשיען) וואס האט אונרעגעלמעסיגע פיער-עקיגע זייטענפלעכען [וועגען געוויסע קריסטאלען].

trape'ziform *a.* (טרע-פי׳-זי-פארם) וואס האט די פארם פון א טראפעץ [טראפעציום]. ז. *trapezium*.

trape'zium *n.* (טרע-פי׳-זי-אם) אין געאמעטריע — א טראפעץ [טראפעציום], א געאמעטרישע פיער-עקיגע פיגור וואס צוויי פון איהרע זייטען זיינען פאראלעל און די אנדערע צוויי ניט; אין אנאטאמיע — דאס קליינע פיער-עקיגע ביינדעל צווישען דעם האנד-געלענק און דעם גראבען פינגער.

trap'ezoid *n. and a.* (טרעפ׳-אי-זאיד) א טראפעזאיד, א געאמעטרישע פיער-עקיגע פיגור וואס קיינע צוויי פון איהרע זייטען זיינען פאראלעל; וואס איז עהנליך צו א טראפעזאיד.



Trapezoid

trapezoi'dal *a.* (טרעפ-אי-זאי׳-דעל) וואס האט די פארם פון טראפעזאיד. ז. *trapezoid*.

trap'fall *n.* (טרעפ׳-פאהל) א פאל-טהיר, וואס איז געמאכט אזוי, דאס זי עפענט זיך אונטער די פיס און דער מענש פאלט דורך.

trap'-hole *n.* (טרעפ׳-האול) א פאל-גרוב [א גרוב וואס פערמאכט זיך מיט א פאל-טהיר. ז. *trap-door*].

trap'-hook *n.* (טרעפ׳-הוק) א מין האקען מיט א פרוזשינע צו פאנגען פיש.

trap'pean *a.* (טרעפ׳-אי-ען) וואס איז שייך צו טראפ [א מין שווארצער שטיין].

trap'per *n.* (טרעפ׳-ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט שטעלען פאסטקעס צו כאפען חיות; אין קויהלען-שאכטען — איינער וואס עפענט די טהירלעך פון די גאלערעען דורכצולאזען די קויהלען-וועגעלעך.

trap'ping *n.* (טרעפ׳-אינג) דאס שטעלען פאסטקעס צו פאנגען חיות; דאס מאכען א פארריכטונג אין א קאנאליזאציאנס-רעהר, וועלכע דערלאזט ניט ארויסצוגעהן שטינקענדע גאזען [ז. *trap*]; א קאסטבארע פערציערונג פון א פערד׳ס שפאנגעציינג.

trap'pings *n.* (טרעפ׳-אינגז) קאסטבארע פערציערונגען פון א פערד׳ס שפאנגעציינג.

Trap'pist *n. and a.* (טרעפ׳-איסט) א טראפיסט [א מיטגליעד פון אן אסקעטישען מאנאכען-ארדען וועלכער האט זיך געגרינדעט אין פראנקרייך און האט זיך פערשפרייט אין אנדערע לענדער. די טראפיסטען פלעגען געהן אהן העמדער, פלעגען זיך ערנעהרען בלויז מיט רייז און קארטאפלעס און פלעגען שטרענג אבהיטען דעם נדר פון שווייגען]; וואס איז שייך צו די טראפיסטען.

trap'pistine *n.* (טרעפ׳-איס-טין) טראפיסטין, אזא ליקער שנאפס וואס ווערט פראדוצירט אין איינעם פון די מאנאסטירען פון די טראפיסטען. ז. *Trappist*.

trap'poid *a.* (טרעפ׳-איד) עהנליך צו טראפ [אזא שווארצער שטיין].

trap'pose *a.* (טרעפ׳-אוס) ז. *trappean*.

trap'pous *a.* (טרעפ׳-אס) ז. *trappean*.

trap'-rock *n.* (טרעפ׳-ראק) טראפ [אזא שווארצער שטיין].

traps *n.* (טרעפס) זאכען, באגאזש.

trap'-stair *n.* (טרעפ׳-סטעהר) א טרעפ אדער לייטער וואס פיהרט צו א פאל-טהיר.

trap'-stick *n.* (טרעפ׳-סטיק) א שטאק וואס ווערט בענוצט אין שלאג-באל שפיעל. ז. *trap-ball*.

trap'-valve *n.* (טרעפ׳-וועלוו) א ווענטיל אדער קלאפע אין א קאנאליזאציאנס-רעהר.

trash *n. and v.* (טרעש) מיסט, בלאטע; ווערטהלאזע זאכען; צובראכענע שטיקלעך, אבגעשניטענע צווייגלעך; א נידריגער מענש, א נעמיינער יונג; א זאך וואס איז צוגעבונדען צום האלז פון א הונד אדער פון אן אנדער חיה כדי ניט צו דערלאזען זי ארומצולויפען, שפּרינגען א. ד. ג.; א שווערינקייט, א מניעה, א הינדערניס; בע־שניידען [א בוים]; אבטראגען, אבניצען; צורייסען, צוברעכען; ערנידריגען, שלעכט בעהאנדלען; צוריקהאלטען.

trash'ery *n.* (טרעש'־ער־אי) מיסט, בלאטע.

trash'-house *n.* (טרעש'־האוס) א גע־ביידע אין א צוקער־פאבריק וואו מען לעגט אב די אויסגעקוועטשטע צוקער־ראהר אדער צוקער־שטענגלעך צום הייצען.

trash'-ice *n.* (טרעש'־אייס) צובראכענע אייז געמישט מיט וואסער.

trash'ily *adv.* (טרעש'־אי־לי) מיסטיג, בלאטיג.

trash'iness *n.* (טרעש'־אי־נעס) מיסטיג־קייט, בלאטיגקייט.

trash'trie *n.* (טרעש'־טרי) מיסט, בלא־טע; ווערטהלאזע זאכען.

trash'y *a.* (טרעש'־אי) מיסטיג, בלאטיג; שלעכט, פּאסקודנע; גוצלאז; אונבעדייטענד.

trass *n.* (טרעס) דער טראס [א מין גרויער פעלזען־שטיין].

trattori'a *n.* (טרעט־טא־רי־א) אן אי־טאליענישע גארקיך.

trau'ma *n.* (טראה'־מא) א וואונד אויף'ן קערפּער דורך א קלאפּ אדער דורך אן אנ־דער אויסערליכער אורזאכע.

traumat'ic *a. and n.* (טראה־מעט'־איק) וואס געהערט צו א וואונד; וואס שטאמט פון א וואונד; וואס ווערט בענוצט צו היי־לען א וואונד; א רפואה פאר א וואונד.

traumat'icin *n.* (טראה־מעט'־אי־סין) אזא רפואה וואס דיענט צוזאמענצוציהען א וואונד.

trau'matism *n.* (טראה'־מע־טיזם) א קרענקליכער צושטאנד, וואס ווערט פער־אורזאכט דורך א וואונד.

trav'ail *v. and n.* (טרעוו'־אייל) אר־בייטען; הארעווען, זיך מאטערען; זיך פלאגען, געהן צו קינד; מיה; געבורטס־שמערצען; אזא טראנספּארט־מיטעל ביי די גארד־אמעריקאנישע אינדיאנער וואס בעשטעהט פון צוויי לאנגע שטאנגען, אויף וועלכע מען לעגט ארויף משא. איין ענד פון דיעזע שטאנגען ווערען צוגעבונדען צו א פערד און דער צווייטער ענד שלעפּט זיך איבער דער ערד.

trave *n.* (טרייוו) א קווער־באלקען; אזא פענטע צו לערנען פערד געהן מיט גלאטע לאנגזאמע טריט.

trav'el *v. and n.* (טרעוו'־על) רייזען, ארומפאהרען; אין מעכאניק — דורכגעהן אדער דורכלויפען א געוויסע שטרעקע; געהן, וואנדערען; דורכרייזען; טרייבען פון ארט צו ארט; א רייזע, א נסיעה; אין מעכאניק — די לענג וואס אן אבגע־שטויסענער קערפּער לויפט אב; דער גאנג, די בעוועגונג, דער פארשריט.

trav'eled *a.* (טרעוו'־על־ד) געררייזט; וואס האט דורכגעמאכט א ווייטע נסיעה; ער־פאהרען, געניט; בעארבייט [וועגען לאנד].

trav'eler *n.* (טרעוו'־על־ער) א רייזענ־דער; א רייזענדער געשעפטס־אגענט [איי־נער וואס רייזט פאר א געשעפט צו מא־כען בעשטעלונגען]; עפּעס וואס שניידט דורך אדער וואס ליגט קווער צו אן אנ־דער זאך.

trav'eler's-joy *n.* (טרעוו'־על־ערז־דזשאי) די וואלדרעבע [א מין גראז־אר־טיגע פלאנצע מיט ווייסע בלומען].

trav'eling *a. and n.* (טרעוו'־על־אינג) רייזענד, ארומפאהרענד; בעוועגליך; דאס רייזען, דאס ארומפאהרען; דער דורכגאנג, די בעוועגונג.

trav'eling-bag *n.* (טרעוו'־על־אינג־בעג) א רייזע־טאש; א טשעמאדאן, א סאק־וואיאזש.

trav'eling-cap *n.* (טרעוו'־על־אינג־קעפּ) א רייזע־היטעל, א ווייך היטעל וואס ווערט געטראגען פון רייזענדע.

trav'eling-car'riage *n.* (טרעוו'־על־אינג־קער'־אידזש) א גרויסער וואגען, א בוד, א דיליזשאנס.

trav'eling-chest *n.* (טרעוו'־על־אינג־טשעסט) א רייזע־קאסטען, א גרויסער קאסטען אדער טשעמאדאן פאר רייזענדע.

trav'eling-couvert' *n.* (טרעוו'־על־אינג־קוה־ווייר') א גאנג פון טיש־געשיר, ווי גאפּלען, לעפעל, מעסערס א. ז. וו., וואס ווערען אזוי געפּאקט, דאס מען זאל קע־נען זיי מיטפיהרען אין א רייזע.

trav'eling-dress *n.* (טרעוו'־על־אינג־דרעס) א רייזע־מאנטעל.

trav'elled *a.* (טרעוו'־עלד) ז. *traveled*

trav'eller *n.* (טרעוו'־על־ער) ז. *traveler*

trav'elling *a. and n.* (טרעוו'־על־אינג) ז. *traveling*

trav'el on the con'tinent (טרעוו'־על אן טהי קאנ'־טי־נענט) רייזען איבער אייראפּא.

trav'el out of the rec'ord (טרעוו'־על אוט אוו טהי רעק'־ארד) אראבגעהן פון ענין, רעדען ניט צום פּונקט.

trav'el-soiled *a.* (טרעוו'־על־סאילד) ז. *travel-stained*

trav'el-stained *a.* (טרעוו'־על־סטיינד) מיט פערשמוצטע קליידער פון דער נסיעה.

trav'el-worn *a.* (טרעוו'־על־וואורן) אויסגעמאטערט פון דער רייזע.

trav'el-wri'ter *n.* (טרעוו'־על־ראי'־טער) א רייזע־בעשרייבער.

trav'ersable *a.* (טרעוו'־אויר־סעבל) וואס קען דורכגעקרייצט אדער דורכגעשני־טען ווערען; וואס קען אבגעלייקענט ווע־רען.

trav'erse *a., adv., n. and v.* (טרעוו'־אוירס) קרייצווייז, דורכשניידענדיג; אין דער קווער; ליגענדיג קווער; עפּעס וואס שניידט דורך אין דער ברייט, א קווער־האלץ, א קווער־שטיק; עפּעס וואס שניידט דורך דעם וועג, א הינדערניס, א שטערונג; א דורכגאנג, דאס דורכשניידען דעם וועג; אין ארכיטעקטור — א גאלערעע וואס ציהט זיך פון איין זייט פון א געביידע צו דער צווייטער; אן אבלייקענונג, א הכחשה; אין געאמעטריע — א טראנסווערזאלע, א ליניע וואס שניידט דורך פאר קווער אנדע־רע ליניען; א קאפּ־קישעלע; דער זיג־זאג וועג וואס א שיף מאכט, ווען זי ווערט געשטויסען פון ווינד; א קורצע ליניע, וואס ווערט געצייגען פון דער הויפּט־ליניע אום פעסטצושטעלען א זייטיגען פּונקט; דורכקרייצען, דורכגעהן, דורכפאהרען; שטעלען אדער לעגען פאר קווער; הינדע־רען, שטערען; דורכזעהן, דורכקוקען; אב־לייקענען.

trav'erse ju'ry (טרעוו'־אוירס דזשוה־רי) ז. *petit jury*

trav'erser *n.* (טרעוו'־אויר־סער) אן אבלייקענער, איינער וואס לייקענט אב.

trav'esty *n., a. and v.* (טרעוו'־עס־טי) א טרעוועסטיע, א לעכערליכע נאכאהמונג פון א ליטעראַרישען ווערק; לעכערליך אי־בערגעמאכט; מאכען א לעכערליכע נאכ־אהמונג פון א פערפאסונג, מאכען א טרא־וועסטיע.

trawl *v. and n.* (טראהל) כאפּען פיש מיט א שלעפּ־נעץ אדער מיט א נעץ מיט אנגעהאנגענע האקענס; א שלעפּ־נעץ; א שאר־נעץ; אזא נעץ מיט א רייה אנגע־האנגענע האטשעקעס.

traw'ler *n.* (טראה'־לער) איינער וואס כאפּט פיש מיט א שלעפּ־נעץ אדער שאר־נעץ.

traw'ler-man *n.* (טראה'־לער־מען) ז. *trawler*

trawl'-fish'erman *n.* (טראהל'־פיש'־ער־מען) ז. *trawler*

trawl'ing *n.* (טראהל'־אינג) דאס כאפּען פיש מיט א שלעפּ־נעץ אדער שאר־נעץ.

trawl'-line *n.* (טראהל'־לאין) אזא נעץ מיט רייהען אנגעהאנגענע האקענס.

trawl'-net *n.* (טראהל'־נעט) א שלעפּ־נעץ, א שאר־נעץ.

trawl'-warp *n.* (טראהל'־וואהרפּ) דער שטריק, מיט וועלכען מען שלעפּט א שלעפּ־נעץ אדער שאר־נעץ.

tray *n.* (טריי) א טאץ; א שויפעל, א קארעטע; א דריטעל [א קארט אדער וויר־פעל מיט דריי פּונקטען]; דער דריטער צווייג אדער שפּיץ פון א הירש'ס הארן [ז. *trey*].

tray'-cloth *n.* (טריי'־קלאהטה) א טאץ־טישטוכעל.

tray'ful *n.* (טריי'־פול) א פולע טאץ, אזוי פיעל ווי פיעל עס קען ארויף אויף א טאץ.

The servant smashed a **trayful** of crockery.

tray'-trip *n.* (טריי'־טריפּ) אזא ווירפעל־שפּיעל.

treach'erous *a.* (טרעטש'־ער־אס) פער־רעטעריש, טריילאז, פאלש; בעטריגעריש, וואס נארט אב, אונצופערלעסליך.

treach'erously *adv.* (טרעטש'־ער־אס־לי) אויף א פעררעטערישען אדער בעטרי־געריש אופן.

treach'erousness *n.* (טרעטש'־ער־אס־נעס) פעררעטערישקייט, פעררעאט, טריילא־זיגקייט, פאלשקייט, בעטריגערישקייט, אונ־צופערלעסיגקייט.

treach'ery *n.* (טרעטש'־ער־אי) פער־ראטה, טריילאזיגקייט, פאלשקייט, בעטרוג.

troun'cing *n.* (טראונ'-סינג) בעשטראפונג; דאס שלאגען, דאס אנבערעכען די ביינער; שמיץ.

The lad received a **trouncing** from his teacher.

troupe *n.* (טרופ) א טרופע אקטיארען, זינגער א. ד. ג.

trou'pial *n.* (טרופ'-פי-על) ז. ***troopial***

trous'-de-loup' *n.* (טרוה'-דע-לוה') אויסגעגראבענע גריבער מיט אנגעשטעקטע פערשפיצטע שטעקענס, וואס דינען אלס א שטערונג פאר דער דערנעהענטערונג פון שונא.

trou'sering *n.* (טראו'-זער-אינג) הויזען-וואארע, מאטעריע פאר הויזען.

trou'sers *n.* (טראו'-זערז) הויזען; פלוידערען.

trousseau' *n.* (טרוה-סאו') א בינטעל, א פעקעל; די גארדעראבע אדער אויסשטאטונג פון א כלה.

trout *n. and v.* (טראוט) א פארעל [א קליינער זעהר געשמאקער פיש מיט קליינע שווארצע פלעקען]; איינער פון אנדערע עהנליכע מינים פיש; פאנגען פארעלען.


Trout

trout'-bird *n.* (טראוט'-בוירד) ז. ***golden plover***

trout'-col'ored *a.* (טראוט'-קאל'-ארד) וואס האט דעם קאליר פון א פארעל [וועגען א ווייסען פערד וואס האט שווארצע פלעקען].

trout'-farm *n.* (טראוט'-פארם) א פלאץ וואו מען בריהט קינסטליך אויס און מען האדעוועט פארעלען.

trout'let *n.* (טראוט'-לעט) א קליינער אדער יונגער פארעל. ז. ***trout***

trout'ling *n.* (טראוט'-לינג) ז. ***troutlet***

trout'-louse *n.* (טראוט'-לאוס) א פארעלען-ווארם, א פארעלען-לויז. ז. ***sug***

trout'-pick'erel *n.* (טראוט'-פיק'-ער-על) ז. ***pickerel***

trout'-stream *n.* (טראוט'-סטריעם) א שטראם וואו מען האלט אדער מען האדעוועט פארעלען. ז. ***trout***

trou'ty *a.* (טראו'-טי) פול מיט פארלען. ז. ***trout***

trouvère' *n.* (טרוה-וועהר') א טראוואור אדער טרובאדור. ז. ***troubadour***

tro'ver *n.* (טראו'-ווער) אין יוריספרודענץ — דאס צונעהמען פאר זיך א געפונענע זאך; א געריכטס-פראצעס נעגען איינעם, וואס האט צוגענומען פאר זיך א פרעמדע זאך.

trow *v.* (טראו) דענקען, גלויבען, משער זיין.

trow *n.* (טראו) א זא פישער-שיף.

trow'el *n. and v.* (טראו'-על) א מויער־קעלנע [א לאפעטקע, וועלכע מויערער בענוצען צו ווארפען און שמירען ליים אדער טינק]; א קליינע לאפעטקע פון א גערטנער; שמירען אדער טינקעווען א וואנד מיט א קעלנע.

Trowel

trow'sers *n.* (טראו'-זערז) ז. ***trousers***

troy *n.* (טראי) ז. ***troy weight***

troy weight (טראי הוויט) דאס טראי־געוויכט [א געוויכט צו וועגען גאלד און זילבער].

tru'ancy *n.* (טרוה'-ען-סי) פוילענצעריי, דאס זיין א לעדיג-געהער, דאס זיין א פוסט-און-פאסניק; מאנקירונג, פליכטען-פערנאכלעסיגונג; אבוועזענהייט פון א לעהר-אנשטאלט אהן ערלויבניס און אהן אורזאכע.

tru'ant *a., n. and v.* (טרוה'-ענט) פויל; פוסט-און-פאס; לעדיג געהענד; א פוילענצער, א לעדיג-געהער; איינער וואס מאנקירט אדער פערנאכלעסיגט זיינע פליכטען; א שילער וואס איז אבוועזענד פון שול אהן ערלויבניס און אהן א אורזאכע; זיין אבוועזענד פון שול אהן ערלויבניס און אהן אן אורזאכע.

tru'antly *a. and adv.* (טרוה'-ענט-לי) פויל, לעדיג-געהענד; אויף א פוילען, נאכלעסיגען שטייגער; פערנאכלעסיגענדיג די פליכטען; פערנאכלעסיגענדיג די שול.

tru'antship *n.* (טרוה'-ענט-שיפ) פוילענצעריי; מאנקירונג; פערנאכלעסיגונג פון ארבייט, פון פליכטען אדער פון דער שול.

truce *n.* (טרוהס) א וואפען-שטילשטאנד; ציטווייליגע רוה; א פארלויפיגער פריעדען, א פריעדענס-אבמאך אויף א קורצער צייט.

truce'less *a.* (טרוהס'-לעס) אהן א וואפען-שטילשטאנד; וואס דערלאזט ניט קיין פארלויפיגען פריעדען.

truck *v. and n.* (טראק) טוישען, בייטען; פעדלען, האנדלען מיט קליינינקייטען; אנלאדען א לאסט-וואגען; פיהרען מיט א לאסט-וואגען; א טויש, א בייט; טויש־האנדעל; זאכען אדער סחורות צו פעדלען; די טראק-סיסטעם [ז. ***truck system***]; גארטען-פראדוקטען צום פערקויף; א לאסט-וואגען; א הילצערנער ראד; א פלאטפארמע-וואגאן אויף אן אייזענבאהן; אן ארט ביליארד-שפיעל.

truck'age *n.* (טראק'-עדזש) א בייט, א טויש; האנדעל; דאס איבערפיהרען זאכען אויף א לאסט-וואגען; דאס געצאהלט פאר פיהרען אויף א לאסט-וואגען.

truck'er *n.* (טראק'-ער) א טוישער, א בייטער, א פעדלער; איינער וואס פערקויפט גארטען-פראדוקטען.

truck'-farm *n.* (טראק'-פארם) א פערמע, וואו מען קולטיווירט ספעציעל גארטען-פראדוקטען צום פערקויף.

truck'-far'mer *n.* (טראק'-פאר'-מער) א פערמער וואס קולטיווירט גארטען-פראדוקטען צום פערקויף.

truck'-far'ming *n.* (טראק'-פאר'-מינג) דאס האלטען פערמעס, וואו עס ווערען קולטיווירט גארטען-פראדוקטען צום פערקויף.

truck'-gar'den *n.* (טראק'-גאר'-דן) א גארטען, פון וועלכען די פראדוקטען געהען צום פערקויף.

truck'-gar'dening *n.* (טראק'-גאר'-דנ-אינג) ז. ***truck-farming***

truck'-horse *n.* (טראק'-האהרס) א לאסט-פערד, א פערד צו פיהרען משא.

truck'-house *n.* (טראק'-האוס) א קראם אדער שפייכלער ביי די אמאליגע ענגלישע קאלאניסטען אין אמעריקא אין זייער האנדעל מיט די אינדיאנער.

truck'ing *n.* (טראק'-אינג) דאס האנדלען מיט קליינינקייטען; דער טויש-האנדעל; דאס האנדלען מיט גארטען-פראדוקטען אדער גרינסען; דאס איבערפיהרען אויף א לאסט-וואגען.

truck'ing-house *n.* (טראק'-אינג-האוס) ז. ***truck-house***

truck'-land *n.* (טראק'-לענד) גארטען־לאנד; לאנד צו קולטיווירען גארטען-פלאנצען.

truck'le *n. and v.* (טראקל) א ראלע, א רעדעלע; א ראל-בעט [ז. ***truckle-bed***]; זיין אונטערטעניג, זיך אונטערווארפען.

truck'le-bed *n.* (טראק'ל-בעד) א ראל־בעט [א בעט אויף רעדלעך, וואס רוקט זיך ארויס און אריין אונטער א גרעסערען בעט].

truck'ler *n.* (טראק'-לער) איינער וואס אונטערווארפט זיך אונטער דעם רשות פון אן אנדערען; אן אונטערטעניגער.

truck'ling *a.* (טראק'-לינג) אונטערטעניג; קנעכטיש, שקלאפיש.

truck'man *n.* (טראק'-מען) איינער וואס פיהרט משא אויף א לאסט-וואגען, א בעל־עגלה; א טוישער, א הענדלער.

truck'-mas'ter *n.* (טראק'-מעס'-טער) א בעאמטער ביי די אמאליגע ענגלישע קאלאניסטען אין אמעריקא, וועלכער פלעגט אויפפאסען אויף דעם האנדעל מיט די אינדיאנער.

truck'-shop *n.* (טראק'-שאפ) א קראם, פון וועלכער ארבייטער קריגענען פאר זייער ארבייט פערשיעדענע וואארען אנשטאט געצאהלט. ז. ***truck system***

truck'-store *n.* (טראק'-סטאור) ז. ***truck-shop***

truck sys'tem (טראק סיס'-טעם) דאס טראק-סיסטעם, דאס סיסטעם צו צאהלען ארבייטער פון א פאבריק ניט מיט געלד, נאר מיט וואארע פון דער קראם וואס בעלאנגט צו דעם פאבריקאנט.

tru'cos *n.* (טרוה'-קאס) אן ארט ביליארד־שפיעל.

tru'culence *n.* (טרוה'-קיו-לענס) ווילדקייט; גרויזאמקייט; א שרעקליכער אנבליק.

tru'culency *n.* (טרוה'-קיו-לענ-סי) ז. ***truculence***

tru'culent *a.* (טרוה'-קיו-לענט) ווילד, שרעקליך, בארבאריש, גרויזאם; אכזריותדיג; פערניכטענד.

tru'culently *adv.* (טרוה'-קיו-לענט-לי) אויף א ווילדען, גרויזאמען אדער שרעקליכען שטייגער.

trudge *v. and n.* (טראדזש) געהן צו פוס; זיך שלעפען, געהן שווער; דאס געהן צו פוס; דאס שלעפען זיך מיט מיה.

true *a.* (טרוה) אמת, וואהר, ריכטיג, עכט; געטריי; טריי; אויפריכטיג; וואהרהאפטיג; עהרליך.

true bill (טרוה ביל) א גוט־בעגרינדעטע אנקלאגע, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון דעם אונטערזוכונגס־געריכט.

true blue (טרוה בלוה) עכט בלוי; בעשטענדיג; עכט; פעסט אין די מיינונגען אדער איבערצייגונגען; טריי צו די פרינציפען, טריי צו דער פארטיי.

true'-blue *a. and n.* (טרוה'–בלוה) עכט בלוי; עכט; בעשטענדיג; פעסט אין די מיינונגען אדער איבערצייגונגען; טריי צו די פרינציפען; טריי צו דער פארטיי; איינער וואס איז טריי צו די פרינציפען פון זיין פארטיי אדער קלאס; א מענש מיט פעסטע איבערצייגונגען.

true'-born *a.* (טרוה'–באהרן) פון עכטער געבורט; וואס האט א רעכט דורך געבורט צו וועלכען עס איז טיטול; עכט.

true'-bred *a.* (טרוה'–ברעד) פון עכטער אבשטאמונג.

true'-hear'ted *a.* (טרוה'–האר'–טעד) טריי; עהרליך, אויפריכטיג.

true'-hear'tedness *n.* (טרוה'–האר'–טעד–נעס) טרייהייט, עהרליכקייט, אויפריכטיגקייט.

true'-love *n. and a.* (טרוה'–לאוו) א געליעבטער, א געליעבטע; די איינבערע [אזא שווארצע גיפטיגע יאגדע]; וואס צייגט אמת'ע ליעבע, מיט ליעבע, אויפריכטיג, טריי.

true'-love knot (טרוה'–לאוו נאט) דאס ליעבע־קניפעל, דער ליעבע־שלייף [אזא קניפעל מיט צוויי שלייפען אלס צייכען פון א ליעבע־פערבינדונג].

true'-lov'ers' knot (טרוה'–לאוו'–ערז נאט) ז. *true-love knot*.

true'ness *n.* (טרוה'–נעס) טרייהייט, עהרליכקייט, אויפריכטיגקייט; וואהרהייט, ריכטיגקייט; עכטקייט; פינקטליכקייט, אקוראטקייט.

true'penny *n.* (טרוה'–פענ–אי) אן עהרליכער יונג.

tru'er *n.* (טרוה'–ער) ז. *truing-tool*.

true'-stitch *n.* (טרוה'–סטיטש) א שטיקעריי־שטאך וואס איז פון ביידע זייטען גלייך.

truf'fle *n.* (טראפל) די טריפעל [אזא געשמאקער עסבארער שוואם, וועלכער וואקסט בעהאלטען אין דער ערד אהן וועלכע עס איז קענבארע צייכענס פון אויבען. ער ווערט מייסטענס אויסגעפונען דורך הינד נאך'ן ריח].

truf'fled *a.* (טראפלד) געפילט אדער צוגעגרייט מיט טריפעלס. ז. *truffle*.

truf'fle-dog *n.* (טראפ'ל–דאג) א טריפעל־הונד [א הונד וואס ווערט בענוצט אויסצוגעפינען טריפעלס. ז. *truffle*].

truf'fle-worm *n.* (טראפ'ל–הוואירם) א טריפעל־ווארים [אזא ווארים וואס צופרעסט טריפעלס. ז. *truffle*].

trug *n.* (טראג) א וואפנע־מולטער, א וואפנע־שעפעל [אזא כלי פאר מויערער צו טראגען וואפנע]; אזא הילצערנעס קערבעל צו טראגען גרינס א. ד. ג.

tru'ing-tool *n.* (טרוה'–אינג–טוהל) א געצייג אבצוהובלען די שלייף־פלעכע פון א שלייף־שטיין.

tru'ish *a.* (טרוה'–איש) אביסעל אמת'דיג, אביסעל ריכטיג; אביסעל אויפריכטיג, טריי אדער עהרליך.

tru'ism *n.* (טרוה'–איזם) אן אונצווייפעלהאפטע אדער אן איינגעשיינליכע וואהרהייט, א וואהרהייט וואס מען זעהט בעשיינפערליך.

truismat'ic *a.* (טרוה–איז–מעט'–איק) וואס איז שייך צו אן אונצווייפעלהאפטער אדער בעשיינפערליכער וואהרהייט; וואס ענטהאלט אן אונצווייפעלהאפטע וואהרהייט.

trull *n.* (טראל) א געמיינע פרוי.

trulliza'tion *n.* (טראל–אי–זיי'–שאן) דאס בעווארפען אדער בעשמיערען א מויער מיט וואפנע.

tru'ly *adv.* (טרוה'–לי) ווירקליך, באמת, אין אמת, אין דער טהאט; געזעצליך; פינקטליך, ריכטיג; ערגעבענסט, טריי, אויפריכטיג.

trumeau' *n.* (טרו–מאו') א טריומא, א טייל פון א וואנד צווישען צוויי פענסטער אדער טהירען, א שפיגעל צווישען צוויי פענסטער.

trump *n. and v.* (טראמפ) א טרומייט, א טרובע; טרומפף, קאזיר; א גוטער ברודער, א וואוילער יונג; א מענש, אויף וועלכען מען קען זיך פערלאזען; ארויפצווינגען; שלאגען אדער נעהמען מיט טרומפף, לעגען טרומפף [אין קארטען־שפיעל].

trump'-card *n.* (טראמפ'–קארד) א טרומפף־קארט.

trumped'-up *a.* (טראמפט'–אפ) געפעלשט; אויסגעטראכט, ניט געשטויגען און ניט געפלויגען; ווערטהלאז.

He was arrested on a **trumped-up** charge.

trum'pery *n. and a.* (טראמ'–פער–אי) פליטער־ווערק, פוסטע זאכען, א פאלשער אדער פוסטער גלאנץ, א ווערטהלאזע זאך; פוסטע דבורים, נארישקייטען; שווינדעל, בעטרוג; וואס האט א פוסטען גלאנץ; ווערטהלאז.

trum'pet *n. and v.* (טראמ'–פעט) א טרומייט, א טרובע; א קלאנג ווי פון א טרומייט, א הויכער געשריי; עטוואס וואס איז עהנליך צו דעם מונד־שטיק פון א טרומייט; טרומייטערען; פאנאנדערשרייען; בעקאנט מאכען, אויסרופען; ארויסלאזען א קלאנג אדער געשריי עהנליך צום קלאנג פון א טרומייט; מאכען עהנליך צו דעם מונד־שטיק פון א טרומייט.

trum'pet-ash *n.* (טראמ'–פעט–עש) ז. *trumpet-creeper*.

trum'pet-ban'ner *n.* (טראמ'–פעט–בענ'–ער) א טרומייט־פעהנדעל [א קליינע פאהן וואס ווערט אנגעבונדען אן א טרומייט].

trum'pet-call *n.* (טראמ'–פעט–קאהל) א טרומייט־סיגנאל, א רוף־סיגנאל.

trum'pet-conch *n.* (טראמ'–פעט–קאנק) ז. *trumpet-shell*.

trum'pet-cree'per *n.* (טראמ'–פעט–קריע'–פער) אזא קלעטערענדער וויינשטאק מיט רויטע בליהונגען וועלכע זיינען עהנליך צו דעם מונד־שטיק פון א טרומייט.

trum'peter *n.* (טראמ'–פעט–ער) א טרומייטער, איינער וואס שפיעלט אויף א טרומייט, א טרובאטש; אן אויסרופער, א בעקאנטמאכער; דער טרומייט־פויגעל [אזא פויגעל אין זיד־אמעריקא]; דער טרומייט־שוואן [אזא זעהר גרויסער שוואנען־פויגעל אין נארד־אמעריקא]; די טרומייט־טויב [אזא הויז־טויב וואס ווארקעט מיט א קלאנג עהנליך צום קלאנג פון א טרומייט]; אזא גרויסער עסבארער פיש אין די וואסערען פון אויסטראליען און ניי־זעעלאנד.

trum'pet-fish *n.* (טראמ'–פעט–פיש) דער טרומייטען־פיש, די זעע־שנעפפע [אזא פיש וואס זיין מויל האט די פארם פון א מונד־שטיק פון א טרומייט].



Trumpet-fish

trum'pet-flow'er *n.* (טראמ'–פעט–פלאו'–ער) די טרומייטען־בלום [אזא פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען טרומייטען־עהנליכע בלומען].

Trumpet-flower

trum'peting *n.* (טראמ'–פעט–אינג) דאס טרומייטען, דאס בלאזען אדער שפיעלען מיט א טרומייט; דאס אויסרופען, דאס בעקאנט־מאכען; אן אבטיילונג אין א קויהלען־גרוב אדער שאכט פאר ווענטילאציאן אדער אנדערע צוועקען.

trum'pet-ma'jor *n.* (טראמ'–פעט–מיי'–דזשאר) דער הויפט טרומייטער פון אן ארקעסטער; א שטאבס־טרומייטער, דער הויפט־טרומייטער פון א מיליטער־רעגימענט.

trum'petry *n.* (טראמ'–פעט–רי) טרומייטעריי.

trum'pet-shaped *a.* (טראמ'–פעט–שייפט) טרומייטען־פערמיג.

trum'pet-shell *n.* (טראמ'–פעט–שעל) א טרומייטען־שנעקע [אזא גרויסע ים־שנעקע, אויף וועלכער מען קען בלאזען ווי אויף א טרומייט].

trum'pet-tone *n.* (טראמ'–פעט–טאון) דער טאן אדער קלאנג פון א טרומייט; א הויכע, קלינגענדע שטימע.

trum'pet-tongued *a.* (טראמ'–פעט–טאנגד) מיט א שטימע ווי פון א טרומייט, מיט א הויכער, קלינגענדער שטימע; הויכשטימיג.

trum'pet-vine *n.* (טראמ'–פעט–וואין) ז. *trumpet-creeper*.

trum'petweed *n.* (טראמ'–פעט–הוויעד) אזא גרויסעס זיד־אמעריקאנישעס ים־גראז; אזא גרויסע דיקע אמעריקאנישע פלאנצע מיט פורפור־בלומען.

trump up (טראמפ אפ) אויסטראכטען, פאבריצירען.

trun'cal *a.* (טראנ'–קעל) וואס איז שייך צום רומפ. ז. *trunk*.

trun'cate *v. and a.* (טראנ'–קייט) ארומשניידען, אבשניידען; ארומגעשניטען, אבגעשניטען.

trun'cately *adv.* (טראנ'–קייט–לי) אויף אן ארומגעשניטענעם אדער אבגעשניטענעם אופן; אזוי אז עס זאל אויסזעהן ווי ארומגעשניטען.

trunca'tion *n.* (טראנ–קיי'–שאן) ארומשניידונג, אבשניידונג; דאס זיין ארום־

געשניטען; אן אבגעשניטענער אדער ארומגעשניטענער טייל.

trun'cature *n.* (טראַנ'-קע-טשור) ז. *truncation*.

trun'cheon *n. and v.* (טראַנ'-טשאַן) א בוים וואס זיינע צווייגען זיינען אבגעשניטען געווארען, א שטאם פון א בוים; דאס הענטעל אדער שטיעל פון א שפיעז אדער פיקע; אזא קורצער שלאַג-שטאַק, א דובינקע; א קאמאנדע-שטאַק, א הערשער-שטאַק; שלאָגען מיט א דובינקע אדער שלאַג-שטאַק.

trun'cheoned *a.* (טראַנ'-טשאַנד) בעוואפענט מיט א שלאַג-שטאַק אדער מיט א פיקע.

trun'cus *n.* (טראַנ'-קאַס) א שטאם פון א בוים; דער רומפּ פון א חיה [דער קערפּער אהן דעם קאָפּ און אהן די פיס]; דער הויפּט-טייל פון א נערוו אדער פלי-סיגקייטס-געפעס פון קערפּער.

trun'dle *v. and n.* (טראַנדל) זיך דרעהען, זיך קייקלען; ראָלען, וועלצען, קייקלען; א ראָלע, א וואלץ, א וואליק, א רעדעל; א נידריגער ראָל-וואגען; א נידריג בעט אויף רעדלעך.

trun'dle-bed *n.* (טראַנ'דל-בעד) א נידריג בעט אויף רעדלעך. ז. *truckle-bed*.

trun'dletail *n.* (טראַנ'דל-טייל) א צונויפגעדרעהטער עק; א הונד מיט א צונויפגעדרעהטען עק.

trun'dle-wheel *n.* (טראַנ'דל-הוויעל) א שעסטערנע. ז. *lantern-wheel*.

trunk *n. and a.* (טראַנק) א שטאם פון א בוים; א רומפּ [דער קערפּער אהן דעם קאָפּ אהן הענד און פיס]; אין ארכיטעקטור — א זייל פון א געביידע אהן דעם באַזיס און אהן דעם קאָפּ; דער הויפּט-טייל פון א נערוו, פון אן אדער א. ד. ג.; א קאַפער, א קופערט, א קאַסטען; א ראָהר; אזא אייזערנער רייף מיט א זאַק צום פאַנגען ראַקעס [קרעבסען]; דער ריסעל [שנויץ] פון אן עלעפאַנט; דער שליוזען-קאַסטען צום פיהרען דאס וואסער פון שטראָם צום וואסער-ראַד; אזא הילצערנער קאַסטען אדער פיער-עקיגער ראָהר פאר דער לופט-לייטונג אין א קויהלען-גרוב אדער שאַכטע; וואס בעלאַנגט צום רומפּ.

trun'kal *a.* (טראַנ'-קעל) ז. *truncal*.

trunk'-breech'es *n.* (טראַנק'-בריטש'-עז) ז. *trunk-hose*.

trunked *a.* (טראַנקט) מיט א שטאם; מיט א רומפּ.

trunk'-en'gine *n.* (טראַנק'-ענ'-דזשין) א טרונק-דאַמפּף-מאַשין [א דאַמפּף-מאַשין מיט א רעהרען-קאָלבען].

trunk'-fish *n.* (טראַנק'-פיש) א קאַפער-פיש [אזא פיש וואס זעהט אויס ווי ער וואלט געווען איינגעפּאַקט אין א קאַפער אדער טשעמאדאַן].



Trunk-fish

trunk'ful *n.* (טראַנק'-פול) אזוי פיעל וויפיעל א קאַפער אדער קאַסטען קען אריינעהמען.

trunk'-hose *n.* (טראַנק'-האָוז) פלודערען-הויזען [אזעלכע ברייטע הויזען וואס מען האט אמאָל געטראַגען און וועלכע פלעגען גרייכען פון גאַרטעל ביז איבער דעם אויבערשטען טייל פון די פאַלקעס].

Trunk-hose

trunk'-light *n.* (טראַנק'-לאַיט) אן אויבערשטעס ליכט-פענסטער פון א שאַכט.

trunk'-line *n.* (טראַנק'-לאַין) די הויפּט-ליניע פון אן אייזענבאַהן אדער פון א קאַנאַל פון וועלכער עס טיילען זיך אב צווייג-ליניען.

trunk'-nail *n.* (טראַנק'-נייל) א קופערט-נאַגעל [א נאַגעל מיט א גרויסען פערציערטען קעפּעל, וואס ווערט בענוצט פאר בעשלאָגען קופערטס].

trunk'-road *n.* (טראַנק'-ראָוד) א הויפּט-וועג, א גאַסטינעץ, א שליאַך.

trunk'-sleeve *n.* (טראַנק'-סליעוו) אזא ארבעל, וואס איז פון אויבען ברייט און אויפגעפּופּט.

trun'nel *n.* (טראַנ'-על) ז. *treenail*.

trun'nion *n.* (טראַנ'-יאַן) א שילד-צאַפּען, איינער פון די צוויי צילינדרישע צאַפּענס אדער ארויסשטאַרצונגען פון די זייטען פון א האַרמאַט [קאַנאַנע], אויף וועלכע ער שטיצט זיך אויף זיין געשטעל; אזא פוסטער צאַפּען, וואס ווערט געמאַכט פון ביידע זייטען פון א שווינגענדען דאַמפּף-צילינדער, אויף וועלכע ער שטיצט זיך און דורך וועלכע עס ווערט אריינגעלאָזען און ארויסגעלאָזען דער דאַמפּף.

trun'nioned *a.* (טראַנ'-יאַנד) וואס האט פוסטע צאַפּענס [ווי א שווינגענדער דאַמפּף-צילינדער. ז. *trunnion*].

trun'nion-plate *n.* (טראַנ'-יאַנ-פּלייט) אן ארויסגעשטאַרצטער ראַנד ארום דעם שילד-צאַפּען פון א האַרמאַט [ז. *trunnion*]; אן אייזען-פּלאַטע וואס בעדעקט די צוויי אויבערשטע זייטען פון א הילצערנעם האַרמאַט-געשטעל, וואו עס שטיצען זיך די שילד-צאַפּענס פון האַרמאַט.

tru'sion *n.* (טרוה'-זשאַן) דאס שטויסען, דאס שטופּען.

truss *n., a. and v.* (טראַס) א בינטעל, א פּעקעל; א בינטעל היי אדער שטרוי; א בינטעל בליהונג; א ברוך-באַנד, א ברוך-גאַרטעל; אזא בגד וואס מען פלעגט טראָגען אין 16טען יאָהרהונדערט און פריהער; אזא שטאַרקער ראָהם צונויפגעשטעלט פון באַלקענס אדער פון שטאַבעס אייזען [ווי דער ראָהם פון א דאַך, פון א בריק א. ד. ג.]; א קראַג-שטיין [א שטיין וואס שטאַרצט ארויס פון א וואַנד אויפצוהאַלטען די קראַקוועס פון דאַך]; ווי א בינטעל אדער פּעקעל; רונד און דיק; איינבינדען, איינפּאַקען, פערבינדען אין א פּעקעל; פערבינדען; צונויפשנורעווען; פעסט פערבינדען; אויפהענגען; אונטערשטיצען מיט א שטאַרקען ראָהם-ווערק [ווי א דאַך, א בריק א. ד. ג.].

truss'-beam *n.* (טראַס'-ביעם) א האָלץ-באַלקען וואס איז פערשטאַרקט דורך אן אייזערנעם בינד-שטאַנג.

truss'-bridge *n.* (טראַס'-ברידזש) א ראָהמען-בריק, א בריק מיט א הענג-ווערק [א בריק וואס האַלט זיך דורך א ראָהמען-ווערק].

truss'ing *n.* (טראַס'-אינג) די באַלקענס און אייזערנע שטאַבעס, פון וועלכע עס ווערט צונויפגעשטעלט א ראָהמען-ווערק פאר א דאַך, א בריק א. ד. ג.

trust *v., n. and a.* (טראַסט) טרויען, זיך פערלאָזען; פערטרויען, גלויבען; געטרויען, גלויבען; געטרויען, געבען אויף קרעדיט, באָרגען; האָפען; צוטרויען; נאמנות; קרעדיט, באָרג; ערוואַרטונג, האָפנונג; בעוואַכונג, אויפזיכט, היטונג; דאס פערטרויען; דאס איינלעגען פערמעגען ביי א נאמן; דאס פערמעגען וואס ווערט איינגעלעגט ביי א נאמן; דאס איינגעלעגטע, דאס אנפערטרויטע; א טראַסט, א פעראייניגונג אדער ארגאַניזאַציאָן פון קאַפּיטאַליסטען מיט דעם ציעל צו קאָנטראָלירען די פּראָדוקציאָן, דעם האַנדעל, די פּרייזען א. ז. וו. פון אינדוסטריען אדער געשעפטליכע אונטערנעהמונגען; וואס איז איינגעלעגט אדער אנפערטרויט ווי ביי א נאמן.

trust'-bus'ter *n.* (טראַסט'-באַס'-טער) א טראַסט-צושטערער, א טראַסט-פערניכטער, א קעמפּפער געגען טראַסטס. ז. *trust*.

trust'-bus'ting *n.* (טראַסט'-באַס'-טינג) דאס צושטערען אדער פערניכטען טראַסטס, דער קאַמפּף געגען טראַסטס. ז. *trust*.

trust'-com'pany *n.* (טראַסט'-קאַמ'-פּע-ני) א קאָרפּאָראַציאָן צום פערוואַלטען איינפערטרויטע און איינגעלעגטע פערמעגענס [אפּערירט מייסטענס אלס באַנק].

trust deed (טראַסט דיעד) די איבערטראָגונג פון אייגענטום אויף דעם נאָמען פון א נאמן [פערטרויאונגס-מאַן]; די איבערטראָגונג פון אייגענטום פון א בעל חוב אויף דעם נאָמען פון א נאמן, אז ער זאָל בעצאָהלען זיינע חובות.

trustee' *n. and v.* (טראַס-טיע') א קוראַטאָר, א פערוואַלטער, א בעפאָלמעכטיגטער, א פערטרויאונגס-מאַן, א נאמן, איינער ביי וועמען מען לעגט איין פאר אימעצען פערמעגען אדער ניטער; אן אפּעקון, אן אפּטרופּוס; איבערגעבען דאס פערמעגען פון א בעל חוב אין די הענד פון א נאמן אדער פערטרויאונגס-מאַן.

trustee'ship *n.* (טראַס-טיע'-שיפּ) אַפּעקונשאַפט, אַפּטרופּסות, קוראַטאָרשאַפט, פערוואַלטשאַפט; נאמנות.

trus'ter *n.* (טראַס'-טער) אן אַנטרויער, איינער וואס טרויט אן; א גלויבער; איינער וואס גיט אויף באָרג אדער קרעדיט.

trust estate' (טראַסט עס-טייט') א בעזיץ אדער גוט וואס איז איבערגעגעבען אין די הענד פון א נאמן אדער אַפּעקון.

trust'ful *a.* (טראַסט'-פול) פערטרויאונגספול, גלויבענספול.

trust'fully *adv.* (טראַסט'-פול-אי) גלויבענספול, פערטרויאונגספול.

trust'fulness *n.* (טראַסט'-פול-נעס) דאס זיין גלויבענספול אדער פערטרויאונגספול.

trus'tily *adv.* (טראַס'-טי-לי) וואָהרהאַפטיג, טריי, ערליך, צופערלעסיג.

trus'tiness *n.* (טראס'-טי-נעס) וואהרהאפטינגקייט; טרייהייט; עהרליכקייט; צופערלעסינגקייט.

trus'ting *a.* (טראס'-טינג) פערטרויאונגספול; גלויבענד.

trus'tingly *adv.* (טראס'-טינג-לי) מיט פערטרויען; גלויבענדיג.

trust'less *a.* (טראסט'-לעס) ניט צופערלעסיג, ניט צו טרויען; טרייאלאז.

trust'lessness *n.* (טראסט'-לעס-נעס) אונצופערלעסינקייט; דאס זיין ניט טרויענסווערטה; טריילאזיגקייט.

trust to (טראסט טו) זיך פערלאזען, זיך אנפערטרויען.

trust un'to (טראסט אנ'-טו) ז. *trust to*.

trust'worthiness *n.* (טראסט'-הוואיר-טהי-נעס) פערטרויענסווירדינקייט, צופערלעסינקייט, גלויבענסווירדינקייט.

trust'worthy *a.* (טראסט'-הוואיר-טהי) פערטרויענסווערטה; גלויבענסווערטה, צופערלעסיג.

trus'ty *a. and n.* (טראס'-טי) טריי, עהרליך; איבערגעבען; צופערלעסיג; גלויבענסווערטה; וואס מען קען זיך פערלאזען; זיכער, שטארק, פעסט, שטאנדהאפט; א צופערלעסיגע אדער א גלויבענסווערטהע פערזאן.

truth *n.* (טרוהטה) אן אמת; וואהרהייט; וואהרהאפטינגקייט, ריכטינקייט; עהרליכקייט; טרייהייט; עכטקייט; ווירקליכקייט.

truth'ful *a.* (טרוהטה'-פול) וואהרהאפטיג, אמת'דיג, ריכטיג; וואהר.

truth'fully *adv.* (טרוהטה'-פול-אי) אויף א וואהרהאפטיגען אופן; באמת; ריכטיג.

truth'fulness *n.* (טרוהטה'-פול-נעס) וואהרהאפטינקייט, אמת'דינקייט, ריכטיגקייט.

truth'less *a.* (טרוהטה'-לעס) ניט וואהר, ניט ריכטיג, פאלש; אונטריי.

truth'lessness *n.* (טרוהטה'-לעס-נעס) אונוואהרהייט, אונריכטינקייט; פאלשקייט, אונטרייהייט.

truth'-lov'er *n.* (טרוהטה'-לאוו'-ער) א וואהרהייטס-ליעבער, א ליעבהאבער פון אמת.

truth'-tell'er *n.* (טרוהטה'-טעל'-ער) איינער וואס דערצעהלט דעם אמת.

trutta'ceous *a.* (טרא-טיי'-שיאס) עהנליך צו פארעלען, וואס איז שייך צו פארעלען [אזא טייערער עסבארער פיש. ז. *trout*].

try *v. and n.* (טראי) פערזוכען, מאכען א פערזוך; פרובען; פראבירען; אויספראבירען; שטעלען אויף דער פראבע, עקזאמענירען; אונטערזוכען, פערהערען, שטעלען צום געריכט; אורטיילען, משפט'ען; מאכען אן אנשטרענגונג עטוואס אויסצוגעפינען; אונטערנעהמען; ברייננען צו אן ענטשיידונג, ענטשיידען, ענטשיידען א קאמפף; אנשטרענגען; פעראורזאכען ליידען, אנטהאן צרות; אנרעדען צו שלעכטס; לייטערען, רייניגען; אויסקאכען; זיך אנשטרענגען, זיך בעמיהען; דאס פערזוכען, דאס פראבירען; א פראבע, א פערזוך; א בעמיהונג, אן אנשטרענגונג.

try a fall (טראי ע פאהל) זיך ראנגלען, פראבירען אנידערווארפען איינער דעם צווייטען, זיך פראבירען אין כחות.

try back (טראי בעק) זיך אומקעהרען צוריק; צוריקגעהן; נאך אמאל פראבירען, נאך אמאל מאכען א פערזוך.

try conclu'sions with (טראי קאנ-קלוה'-ושאנז הוויטה) פערמעסטען זיך אין כחות אדער פעהיגקייטען מיט אימעצען, מאכען א קראפט-פראבע מיט אימעצען.

try'ing *a.* (טראי'-אינג) 1. שטעלענדיג אויף א שווערער פראבע; 2. שווער, מיהזאם, אנשטרענגענד; 3. שלעכט בעקומענד, זיך שלעכט אברופענד [אויף דעם געזונד, אויף'ן געמיטה א. ד. ג.]; 4. אנפראבירענדיג, אנמעסטענדיג.

2. He is in **trying** circumstances. 3. The cold weather is very **trying** to him.

try on (טראי אן) 1. אנמעסטען, אנפראבירען; 2. פראבירען, מאכען א פערזוך; אונטערנעהמען.

1. **Try on** the dress and see if it fits

try one's for'tune (טראי הוואנז פאהר'-טשון) פראבירען גליק.

try one's hand (טראי הוואנז הענד) מאכען א פראבע, פראבירען.

He **tried** his **hand** at carpentry.

try on'es lungs (טראי הוואנז לאנגז) אויסשרייען די לונגען, שרייען אויף דער העכסטער אקטאווע.

try on the oth'er leg (טראי אן טהי אטה'-ער לעג) פראבירען די אנדערע מעגליכקייט.

try out (טראי אוט) 1. אבזונדערען, אבטיילען [וועגען פעטס]; 2. אויסטיילען זיך ווי שוויים, ארויסשוויצען.

1. Cooking the ham will **try out** the fat. 2. The perspiration is **trying out** of him.

try'sail *n.* (טראי'-סייל) דער טריי-זעגעל [א זעגעל אויף דעם פאדער-מאסט-בוים פון א שיף].

tryst *n. and v.* (טראיסט) אן אברעדונג זיך צונויפצוטרעפען אין א געוויסער צייט און אין א געוויסען ארט; א צונויפרעדונגס-ארט; א רענדעוואו; א פערזאמלונגס-ארט; אברעדען זיך צו טרעפען; איינלאדען צו א רענדעוואו.

tryst'ing *n.* (טריסט'-אינג) דאס אברעדען זיך צו טרעפען אין א געוויסער צייט און אין א געוויסען ארט; אן אבגערעדטע צונויפטרעפונג, א רענדעוואו.

tryst'ing-day *n.* (טריסט'-אינג-דיי) אן אבגערעדטער צונויפטרעפונגס-טאג, א צוזאמענקונפטס-טאג.

tryst'ing-place *n.* (טריסט'-אינג-פלייס) אן אבגערעדטער צונויפטרעפונגס-ארט.

tsar (צאר) ז. *czar*.

tsar'evitch *n.* (צאר'-ע-וויטש) ז. *czarevitch*.

tsarev'na *n.* (צא-רעוו'-נא) ז. *czarevna*.

tsarit'sa *n.* (צאר-איט'-סא) די צאריצא, די רוסישע קייזערין.

tset'se *n.* (טסעט'-סע) די טסעטסע, אזא זיד-אפריקאנישע פליעג [איהר ביס איז ניט געפעהרליך פאר מענשען, אבער טויטליך פאר הויז-חיות, ווי קיה, פערד, הינט א. ד. ג.].

Tsetse

tset'se-fly *n.* (טסעט'-סע-פלאי) ז. *tsetse*.

T-square *n.* (טי'-סקוועהר) א לינעאל אין דער פארם פון א T

Tu. פערקירצונג פון *Tuesday*

tuate'ra *n.* (טוה-ע-טיי'-רא) די טואטערא, אזא גרויסער עקדעש אדער יאשטשערקע פון ניי-זעעלאנד.

tu'ath *n.* (טיו'-עטה) אין פארצייטיגען אירלאנד — א טעריטאריאלע אבטיילונג מיט א בעשטימטער עקאנאמישער און פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט.

tub *n. and v.* (טאב) א צעבער, א קובעל, א קאדקע, א פאס, א טון; א שיפעל; א וואנע; דאס באדען זיך אין א וואנע; נעהמען א וואנע, באדען זיך אין א וואנע; פערזייהען א פלאנצע אין א צעבער אדער קאדקע; זיך באדען אין א וואנע; רודערען אין א שיפעל.

Tuba

tu'ba *n.* (טיו'-בא) א טרובע, אזא גרויסער מוזיקאלישער בלאז-אינסטרומענט.

tub'ber *n.* (טאב'-ער) א קירקע, א מין האק ביי בערג-ארבייטער.

tub'ber-man *n.* (טאב'-ער-מען) א בערג-ארבייטער וואס ארבייט מיט א קירקע.

tub'bing *n.* (טאב'-אינג) דאס מאכען צעבערס אדער קאדקעס; דאס מאטעריאל פאר צעבערס אדער קאדקעס; אין בערג-ארבייט — דאס ארומשלאגען א שאכטע מיט ברעטער אדער קלעצער, כדי וואסער זאל אהין ניט פליסען; דאס באדען זיך אין א וואנע.

tub'bing-wedge *n.* (טאב'-אינג-הוועדזש) א קלין וואס ווערט אריינגעשטעלט אין די שפאלטען צווישען די ברעטער, מיט וועלכע מען שלאגט ארום די ווענד פון א שאכטע, כדי וואסער זאל אהין ניט פליסען.

tub'bish *a.* (טאב'-איש) ווי א דייזשע, ווי א קאדקע; רונד און דיק; גראב-בייכיג.

tub'by *a.* (טאב'-אי) ווי א דייזשע, ווי א קאדקע; וואס קלינגט ווי פון א פוסטען פאס.

tube *n. and v.* (טיוב) א רעהר; אין אנאטאמיע — א לופט-רעהר, א קאנאל אין קערפער, דורך וועלכען עס געהט דורך לופט אדער פליסינקייט; דער רעהר פון א טעלעסקאפ; א רעהרעל פון דינעם ווייכען בליי צו האלטען פארב אדער אן אנדער מאטעריאל אין א האלב-פליסיגען צושטאנד; צומאכען א רעהר, צוגעבען רעהרען; איינשליסען אין א רעהר.

tube'-brea'ther *n.* (טיוב'-בריע'-טהער) א בעשעפעניש וואס אטעמט דורך א רעהרעל [ווי אן אינזעקט].

tube'-brush *n.* (טיוב'-בראש) א צילינדרישע אדער ספיראלע בארשט פון דראט, צו רייניגען א דאמפף-קעסעל.

tube'-clea'ner *n.* (טיוב'-קליע'-נער) אן אינסטרומענט צו רייניגען א רעהר פון אינוועניג.

tube'-cut'ter *n.* (טיוב'-קאט'-ער) אן אינסטרומענט צו שניידען מעטאלענע רעהרען.

tube'-form *a.* (טיוב'-פארם) ז. *tubiform*.

tube'-machine' *n.* (טיוב'-מע-שין') א מאשין צו מאכען רעהרען.

tu'ber *n.* (טיו'-בער) אין באטאניק — א לאנג-רונדליכע אנוואקסונג אויף א ווארצעל; א קארטאפליע; אין אנאטאמיע — אן אנוואוקס, אן אויפשוועלונג.

tu'bercle *n.* (טיו'-בוירקל) א קליינער אנוואוקס, א קליינע פערהארטעוועטע

ארויסשטארצונג; א קליינע אויפשוועלונג; א בלעזעל, א קרעצעל; א טובערקעל, א קליינע קנאטען אדער קניפעל-פערמיגע אנוואקסונג [ווי אויף די לונגען אדער אויף אן אנדער ארגאן], וואס איז כאראקטעריסטיש פאר טובערקולאזיס אדער שווינדזוכט; טובערקולאזיס; אין באטאניק — א קנאטען-עהנליכע אנוואקסונג אויף א פלאנצע.

tuber'cular *a.* (טיו-בויר'-קיו-לאר) וואס האט די פארם פון א קליינער אנוואקסונג; עהנליך צו א פערהארטעוועטען קנאטען אדער קניפעל; מיט טובערקעלען, טובערקולעז, שווינדזיכטיג.

tuber'cular consump'tion (טיו-בויר'-קיו-לאר קאָנ-סאמפ'-שאן) טובערקולאזיס, שווינדזוכט.

tuber'cularize *v.* (טיו-בויר'-קיו-לער-איז) אנשטעקען מיט טובערקולאזיס [שווינדזוכט].

tuber'culate *a.* (טיו-בויר'-קיו-לייט) ז. ***tubercular***

tubercula'tion *n.* (טיו-בויר-קיו-ליי'-שאן) די אויסבילדונג פון טובערקעלען אדער קליינע פערהארטעוועטע קנאטען וואס זיינען כאראקטעריסטיש פאר שווינדזוכט.

tuber'culiform *a.* (טיו-בויר'-קיו-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א טובערקעל אדער שווינדזוכט-בלעזעל.

tuber'culin *n.* (טיו-בויר'-קיו-לין) טובערקולין, א פרעפאראט פון טובערקולאזבאצילען, וועלכער איז אנגענומען ביי אייניגע אלס א מיטעל געגען טובערקולאזיס אדער שווינדזוכט.

tuberculiza'tion *n.* (טיו-בויר-קיו-לי-זיי'-שאן) די אויסבילדונג פון טובערקעלען אדער שווינדזוכט-בלעזלעך.

tuber'culize *v.* (טיו-בויר'-קיו-לאיז) ז. ***tubercularize***

tuber'culose *a.* (טיו-בויר'-קיו-לאָס) ז. ***tubercular***

tuberculo'sis *n.* (טיו-בויר-קיו-לאָ'-סיס) טובערקולאזיס, שווינדזוכט.

tuber'culous *a.* (טיו-בויר'-קיו-לאס) ז. ***tubercular***

tuberif'erous *a.* (טיו-בע-ריפ'-ע-ראס) וואס מאכט בלעזלעך; וואס מאכט קנאטען אדער קניפלעך. ז. ***moniliform***

tu'beriform *a.* (טיו'-בער-אי-פארם) אין דער פארם פון א קנאטען, א קניפעל אדער בלעזעל.

tu'berose *a.* (טיו'-בער-אוס) קנאטיג, קניפעלדיג, העקערדיג.

tube'rose *n.* (טיוב'-ראוז) די טובעראזע [אזא פלאנצע מיט ווייסע שמעקענדע בלומען].

tuberos'ity *n.* (טיו-בע-ראס'-אי-טי) קנאטיגקייט, העקערדיגקייט, אויפגעבלאזענקייט; א קנאטען, אן אנוואוקס, א בלאטער, א בלעזעל.

tu'berous *a.* (טיו'-בויר-אס) קנאטיג, העקערדיג; מיט גוזען, מיט בערגלעך.

tu'berously *adv.* (טיו'-בויר-אס-לי) קנאטיג; מיט גוזען, מיט בערגלעך.

tu'berousness *n.* (טיו'-בויר-אס-נעס) ז. ***tuberosity***

tub'ful *n.* (טאב'-פול) א פולער פאס אדער צעבער.

tu'bicen *n.* (טיו'-בי-סען) איינער וואס שפיעלט אויף א טרומייט.

tubic'inate *v.* (טיו-ביס'-אי-נייט) בלאזען אין א טרומייט; טרומייטערען.

tu'bicole *a. and n.* (טיו'-בי-קאול) וואס לעבט אין א רעהר אדער אין א רעהרען-געוועב [ווי געוויסע שפינען און ווערים]; א בעשעפעניש וואס לעבט אין א רעהרען-געוועב.

tu'bicorn *a. and n.* (טיו'-בי-קאהרן) מיט א רעהרען-הארן, מיט א פוסטען אדער חלל'דיגען הארן; א חיה מיט א רעהרען-הארן.

tu'bifer *n.* (טיו'-בי-פויר) א בעשעפעניש וואס האלט זיך אויף אין א רעהר אדער אין א רעהרען-געוועב [ווי געוויסע פאליפען].

tu'biform *a.* (טיו'-בי-פארם) רעהרען-פערמיג.

tu'bing *n.* (טיו'-בינג) דאס מאכען רעהרען; א רעהרען-סיסטעם.

Tü'bingen school (טי'-בינג-ען סקוהל) די טיבינגענישע שולע [די שולע פון פרייגעזאנענע קריסטליכע טעאלאגען, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין טיבינגען אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט. די פארשטעהער פון דיעזער שולע האבען שטודירט די ביבעל פון א היסטאריש-קריטישען שטאנדפונקט און האבען אויסגעפונען, אז פיעל טיילען פון דעם נייעם טעסטאמענט זיינען געשריעבען געווארען פיעל שפעטער איידער די ערשטע צייטען פון קריסטענטום].

tu'bipore *a. and n.* (טיו'-בי-פאור) וואס האט רעהרען-פערמיגע קאראלען; אן ארגעל-קאראל [אזא רעהרען-פערמיגער קאראל].

tub'man *n.* (טאב'-מען) אן אדוואקאט ביים ענגלישען שאצקאמער-געריכט.

tub'-prea'cher *n.* (טאב'-פריע'-טשער) א פעראכטונגס-נאמען פאר א גלח פון א סעקטע, וואס האט זיך אבגעשפאלטען פון דער הערשענדער קירך; א דרשן אן עם-הארץ.

tub'-race *n.* (טאב'-רייס) א וועט-קאמפף אין שיפען זיך, וואו די וועטענדע יאגען זיך נים אין שיפלעך נאר אין אזעלכע פעסער.

tub'-thum'per *n.* (טאב'-טהאמ'-פער) א בעל-דרשן וואס שרייט, ווארפט זיך און מאכט מיט די הענד.

tub'-thum'ping *a.* (טאב'-טהאמ'-פינג) דאס רעדען מיט ליארם אדער באמבאסטיש.

tu'bular *a.* (טיו'-ביו-לאר) רעהרען-פערמיג, ווי א רעהרעל; ווי א קלאנג פון א טרומייט.

Tubula'ria *n.* (טיו-ביו-ליי'-רי-א) די רעהרען-פאליפען [אזא מין פאליפען וואס בילדען אוים רעהרען-קאראלען].

tubular'ity *n.* (טיו-ביו-לער'-אי-טי) דאס האבען א טרומייטען-קלאנג.

tu'bularly *adv.* (טיו'-ביו-לאר-לי) אין דער פארם פון א רעהר.

tu'bulate *a. and v.* (טיו'-ביו-לייט) רעהרען-פערמיג; מאכען ווי א רעהר; צומאכען אדער צוגעבען א רעהר.

tu'bulated *a.* (טיו'-ביו-ליי-טעד) רעהרען-פערמיג.

tubula'tion *n.* (טיו-ביו-ליי'-שאן) דאס מאכען א רעהר; די איינארדנונג פון א רייה רעהרען.

tu'bule *n.* (טיו'-ביול) א רעהרעל.

tu'buliform *a.* (טיו'-ביו-לי-פארם) ז. ***tubular***

tu'bulose *a.* (טיו'-ביו-לאוס) ז. ***tubular***

tu'bulous *a.* (טיו'-ביו-לאס) ז. ***tubular***

tu'bulure *n.* (טיו'-ביו-ליור) א קליין רעהרעל ביים ענד פון א רעטארטע פאר כעמישע אפעראציאנען.

tub'-wheel *n.* (טאב'-הוויעל) דאס קרייזעל-ראד, אזא וואסער-ראד וואס האט די פארם פון א דיישע אדער קאדקע מיט ארומגעשלאגענע ספיראלע ראנדען, איבער וועלכע עס פליסט דאס וואסער און ברייננט אין בעוועגונג דאס ראד.

Tub-wheel

tuck *v. and n.* (טאק) פאלדעווען, מאכען פאלדען; אנפילען, אנפאקען; איינוויקלען, ארומוויקלען; אנשטאפען דעם מאגען; צוזאמענציהען, צוזאמענגעהמען; קלאפען אין א פויק, באראבאנעווען; א פאלד; א מין נעץ; עסענווארג, פליישען; צוקערקעס; אן אפעטיט; א ראפיר, א לאנגער קינזשאל אדער שווערד; דאס שאלען, דאס קלאפען, דאס באראבאנעווען.

tuck'ahoe *n.* (טאק'-ע-האו) דאס אינדישע ברויט [א מין שוועמעל-ארטיגע פלאנצע וואס וואקסט אין די זידליכע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

tucked *a.* (טאקט) געפאלדעוועט, געמאכט אין פאלדען; אנגעפאקט; איינגעוויקעלט; צוזאמענגעצויגען.

tucked up (טאקט אפ) מיט אן אויפגעהויבענעם קלייד עס זאל זיך נים שלעפען איבער דער ערד; וואס איז אויפגעהאנגען צו הויך [ווענען א גלאק אין א טורם]; צוזאמענגעצויגען, ענג; אנגעשטאפט, אנגעפילט.

tuck'er *n. and v.* (טאק'-ער) איינער וואס פאלדעוועט, איינער וואס מאכט פאלדען; א מין האלז-קראגען אדער מאנישקע פון לייכטען ווייכען שטאף אין א פרויען-קלייד; מיעדקיים; אויינמיעדען, פערמאטערען.

tuck'et *n.* (טאק'-עט) א שאל פון א טרומייט; דאס שאלען פון א טרומייט.

tuck'-in *n.* (טאק'-אין) ז. ***tuck-out***

tuck'-net *n.* (טאק'-נעט) א קליינער נעץ וואס ווערט געברויכט ארויסצוציהען פיש פון א גרויסען נעץ.

tuck'-out *n.* (טאק'-אוט) א פולער, זאטער, געשמאקער מאהלצייט.

tuck up (טאק אפ) צוזאמענפאלדעווען, צוזאמענגעהמען; ארויפציהען אויף א שטריק, הענגען.

tu'cum *n.* (טוה'-קאם) די טוקום [אזא פאלמע פון בראזיליען. פון די דינע און שטארקע פאזערען פון איהרע בלעטער ווערען געוועבט און געשטריקט פערשיעדענע שטאפען].

tu'cu-tu'cu *n.* (טוה'-קוה-טוה'-קוה) די טוקו-טוקו [א קליין גריזשענד חיה'לע פון בראזיליען עהנליך צו א ראץ מיט א קורצען עק].

Tu'dor *a.* (טיו'-דאר) וואס איז שייך צו די טיודארען [אן ענגלישע קעניגליכע דינאסטיע, וואס האט געהערשט פון יאהר 1485 ביז 1603]; וואס איז שייך צו דעם ארכיטעקטור-סטיל פון די צייטען פון די טיודארען.

tue'fall *n.* (טיו'-פאהל) ז. ***tofall***

Tues'day *n.* (טיוז'-דיי) דיענסטאג

tu'fa *n.* (טוה'-פא) ז. ***tuff***

tufa'ceous *a.* (טו־פײ'־שאס) טוף־אַרטיג, װי טוף־שטײן. ז. ***tuff***

tuff *n.* (טאַף) דער טוף, דער טוף־שטײן [אַ מין זאַמד־שטײן].

tuft *n. and v.* (טאַפט) אַ בינטעל, אַ טשוב; אַ קוסט; אַ שפּיציג בערדעל; אין אַנאַטאָמיע — אַ געפלעכט פון נערװען, בלוט־אָדערען א. ד. ג.; אין באָטאַניק — אַ בינטעלע בלומען אויף אַ פלאַנצע; אַ סטודענט פון אַדעליגען שטאַנד [אין די ענגלישע אוניװערזיטעטען]; אַ גרין בערג־געל; אַ קלומפּ בלומען; אַ גרופּע בוימער; צונויפבינדען אין בינטלעך; צוטײלען אין בעזונדערע בינטלעך; װאַקסען אין קוס־טעס אָדער בינטלעך; אַנהויבען, מאַכען בערגלעך.

tuf'ted *a.* (טאַפ'־טעד) מיט אַ בינטעל, מיט אַ טשוב; װאָס װאַקסט אין בינטלעך אָדער אין קוסטעס.

tuf'ter *n.* (טאַפ'־טער) אַ הונד װאָס װערט בענוצט אין יאַגד נאָך הירשען.

tuft'-hun'ter *n.* (טאַפט־האַנ'־טער) אײנער װאָס קריכט אין דער נעזעלשאַפט פון אַריסטאָקראַטען; אײנער װאָס זוכט אַרײנצוקריכען אין די הויכע פענסטער; אַן אונטערלעקער, אַ חונף.

tuft'-hun'ting *n.* (טאַפט־האַנ'־טינג) דאָס יאַגען זיך נאָך אַריסטאָקראַטען; דאָס װעלען אַרײנקריכען אין די הויכע פענ־סטער.

tuf'ty *a.* (טאַפ'־טי) מיט בינטלעך; מיט קוסטעס; מיט בוימער־גרופּען; װאַלדיג.

tug *v. and n.* (טאַג) ציהען, שלעפּען; נעהמען אויף'ן בוקסיר; האָרעװען, זיך אַנשטרענגען; דאָס ציהען, דאָס שלעפּען; דאָס נעהמען אויף'ן בוקסיר; זעהר אַ שטאַרקע אַנשטרענגונג; האָרעװאַניע, מיה; אַ שטריק אָדער רימען װאָס װערט בענוצט צום שלעפּען [װי די רימענס, פאַר װעלכע דאָס פערד שלעפּט דעם װאַגען]; אַ בוק־סיר־שיף.

tug'boat *n.* (טאַג'־באָוט) אַ ציה־שיף, אַ שלעפּ־שיף, אַ בוקסיר־שיף.

tug'ger *n.* (טאַג'־ער) אַ ציהער, אַ שלע־פּער, אײנער אָדער עפּעס װאָס ציהט אָדער שלעפּט.

tug'gingly *adv.* (טאַג'־אינג־לי) ציהענ־דיג, שלעפּענדיג.

tug'-hook *n.* (טאַג'־הוק) אײנע פון די האָקענס אָדער קרוטשקעס אויף אַ כאָמוט, צו װעלכע עס זײנען אַנגעבונדען די רי־מענס װעלכע געהען צו די אָלאָבלעס.

tug'man *n.* (טאַג'־מען) אײנער װאָס אַרבײט אויף אַ בוקסיר־שיף.

tug of war (טאַג אָװ װאָהר) אַ בי־טערער קאַמפּף; אַן אַטלעטישער װעט־קאַמפּף, װאו צװײ גרופּען ציהען אײנע פון דער אַנדערער אַ שטריק און װעלכע גרו־פּע ציהט אַריבער די געװינט.

tui'tion *n.* (טיו־איש'־אַן) אונטעררי'כט, ערציהונג; לעהר־געלד, שכר־למוד.

tui'tional *a.* (טיו־איש'־אַנ־על) װאָס איז שייך צו אונטעררי'כט אָדער לערנען.

tui'tionary *a.* (טיו־איש'־אַנ־ע־רי) ז. ***tuitional***

tu'la-met'al *n.* (טוה'־לאַ־מעט'־על) דאָס טולאַ־מעטאַל [אַ מישונג פון זילבער, מעש, בלײ און שװעבעל].

tu'la-work *n.* (טוה'־לאַ־װאָירק) ז. ***niello***

tu'le *n.* (טוה'־לע) די ים־בינזע [אַ זומפּ־פלאַנצע װאָס װאַקסט אין גרויסע מאַסען אין קאַליפאָרניען].

Tulip

tu'lip *n.* (טיו'־ליפּ) די טולפּע אָדער טולפּאַן [אַזאַ פלאַנצע מיט לאַנ־גע בלעטער און מיט גלאָ־קען־פאָרמיגע בלומען].

tu'lip-ear *n.* (טיו'־ליפּ־איער) אַ פערשפּיצ־טער גלײך־שטעהענדער אויער [בײ הינד].

tu'lipist *n.* (טיו'־ליפּ־איסט) אַ קולטיװירער פון טולפּאַנען.

ז. ***tulip***

tulipoma'nia *n.* (טיו־לי־פּאָ־מײ'־ני־אַ) טוליפּאָמאַניע, אַ משוגעת װאָס דריקט זיך אויס אין אַ לײדענשאַפטליכען בע־געהר נאָך טולפּאַנען־בלומען [אַזאַ משוגעת איז געװען פערשפּרייט אין אַנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט אין האָלאַנד, װאו טויזענדע מענשען האָבען זיך געיאָגט צו קויפען און פערקויפען טולפּאַנען, פאַר װעלכע מען האָט געצאָהלט פיעל געלד, ביז דאָס גאַנצע געשעפט האָט געפּלאַצט מיט שרעקליכע באַנקראָטען און אומגליקען].

tu'lip-pop'lar *n.* (טיו'־ליפּ־פּאָפּ'־לאַר) ז. ***tulip-tree***

tu'lip-root *n.* (טיו'־ליפּ־רוהט) אַזאַ האָבער־קראַנקהייט, װאו די װאָרצלען פון די האָבער־זאַנגען שװעלען אויף װי אַ צי־בעלע.

tu'lip-tree *n.* (טיו'־ליפּ־טריע) דער טולפּען־בוים [אַזאַ אַמעריקאַנער בוים מיט אַ װײכען האָלץ].

tu'lip-wood *n.* (טיו'־ליפּ־װואוד) דאָס האָלץ פון טולפּען־בוים. ז. ***tulip-tree***

tulle *n.* (טוהל) טול [אַזאַ דינער שי־טערער זײדענער שטאָף].

tum'ble *v. and n.* (טאַמבל) 1. זיך װאַק־לען, זיך װאַרפען, זיך שלײדערען; װאַק־לען, װאַרפען, שלײדערען; 2. פאַלען, אומ־פאַלען, אַראָבפאַלען, אַראָבשטירצען; אַראָבװאַרפען, אַראָבשלײדערען, שטירצען; אַ װאָרף טהאָן, אַ שלײדער טהאָן; 3. זיך איבערקעהרען, שפּרינגען, מאַכען אַקראָבאַ־טישע קונצען; 4. שנעל פאַלען [אין פּרײז]; 5. ברענגען אין אונאָרדנונג, צו־קנײטשען, פאַנאַנדערװאַרפען; 6. פאַלירען [מעטאַלענע זאַכען דורך רײבונג, װען זײ װערען אומגעשלײדערט אין אַ זיך־דרעה־ענדען צילינדער]; 7. נאָכדענקען; נאָכ־פאָרשען; 8. אַ פאַל, אַ שטורץ; 9. אַ שפּרונג, אַן אַקראָבאַטישער קונץ; 10. אַ פּלאָנטער, אַ צוטומלעניש; 11. אַ זיך־דרעהענדער צילינדער צום פאַלירען מע־טאַלענע זאַכען דורך רײבונג.

1. He tumbles and tosses from pain. 2. The workingman **tumbled** from the scaffold. 4. All the stocks **tumbled** when war was declared. 5. Do not **tumble** the bed-clothes. 7. I **tumbled** the proposition over and over in my mind.

tum'ble-bug *n.* (טאַמ'בל־באַג) די שאַבע [אַזאַ מיסט־זשוק װאָס קײקעלט צו־נויף קנוילען מיסט, אין װעלכע ער לעגט די אײעלעך].

tum'ble-car *n.* (טאַמ'בל־קאַר) אַ װאַגען נעשפּאַנט מיט אײן פערד.

tum'ble-down *a.* (טאַמ'בל־דאַון) װאָס האַלט בײם אײנפאַלען.

They live in a **tumble-down** house.

tum'ble-dung *n.* (טאַמ'בל־דאַנג) ז. ***tumble-bug***

tum'bled up and down (טאַמבלד אַפּ ענד דאַון) אויפגערעגט; צומישט.

tum'ble in (טאַמבל אין) זיך אַרײנװאַר־פען אין בעט, געהן שלאָפען; אײנפּאַסען אַ שטיק געהילץ.

tum'bler *n.* (טאַמ'־בלער) אַ קונצען־מאַ־כער, אַן אַקראָבאַט; די בורצעל־טויב [אַזאַ טויב, װאָס װאַרפט זיך אום בעת'ן פלי־הען]; אַ מין דאַקס־הונד [אַזאַ יאַגד־הונד. ז. ***greyhound***]; אַ טרינק־גלאָז, אַ קע־לישאַק; אַזאַ קינדער־שפּיעלכעל, װאָס בע־שטעהט פון אַ זיך־שאָקלענדער פיגור פון אַ כינעזישען מאַנדאַרין; אַ זיך־דרעהענ־דער צילינדער, אין װעלכען מעטאַלענע זאַכען װערען פאַלירט דורך רײבונג; די צוהאַלטונג [דער טײל פון אַ שלאָס װאָס האַלט פעסט דאָס צינגעל]; אַזאַ טײל פון אַ ביקס־שלאָס; אַ מיסט־װאַגען.

Tum'bler *n.* (טאַמ'־בלער) ז. ***Dunker***

tum'bler-brush *n.* (טאַמ'־בלער־בראַש) אַ בערשטעל צום אויסװישען גלעזער און קעלישאַקעס.

tum'bler-cart *n.* (טאַמ'־בלער־קאַרט) אַ מיסט־װאַגען.

tum'bler-drum *n.* (טאַמ'־בלער־דראַם) ז. ***tumbling-box***

tum'blerful *n.* (טאַמ'־בלער־פול) אַ גלאָז־פול, אַ פולע גלאָז, אַזױ פיעל װי פיעל עס געהט אַרײן אין אַ גלאָז אָדער קעלישאַק.

I drank a **tumblerful** of water.

tum'bler-glass *n.* (טאַמ'־בלער־גלעס) אַ טרינק־גלאָז, אַ קעלישאַק.

tum'bler-hol'der *n.* (טאַמ'־בלער־האָול'־דער) אַ גלאָז־האַלטער [אַ מעטאַלע־נע אײנפאַסונג פאַר אַ טרינק־גלאָז].

tum'bler-stand *n.* (טאַמ'־בלער־סטענד) אַ געשטעל פאַר גלעזער בײ אַ סאָדע־װאַסער שטײן [פאָנטאַן].

tum'bler-wash'er *n.* (טאַמ'־בלער־װאָש'־ער) אַ געשטעל בײ אַ סאָדע־װאַ־סער שטײן [פאָנטאַן] פאַר גלעזער מיט שפּריצערס אויסצושװײנקען די גלעזער.

tum'ble to (טאַמבל טו) 1. פערשטעהן, בעגרײפען; 2. זיך ענערגיש אַ נעהם טהאָן.

1. He would not **tumble to** the schema.

tum'ble up (טאַמבל אַפּ) אויפשטעהן פון שלאָף; אַרױפקומען אין אײלעניש און צו־טומלעניש אויף אַ שיפס־דעק.

tum'bling *n. and a.* (טאַמ'־בלינג) דאָס פאַלען; דאָס מאַכען אַקראָבאַטישע קונצען; דאָס װאַרפען זיך אין דער לופט [װענען דער בורצעל־טויב. ז. ***tumbler***]; פאַ־לענד; פאַריבערגעהענד, צײטװײליג.

tum'bling-box *n.* (טאַמ'־בלינג־באָקס) אַ זיך־דרעהענדער צילינדער אין װעלכען מעטאַלענע זאַכען װערען פאַלירט דורך רײבונג.

tum'bling-wheel *n.* (טאַמ'־בלינג־הװיעל) אַ זיך־דרעהענדער צילינדער גלאַט אָבצושלײפען שטיפטען אָדער באַלצען דורך רײבונג.

tum'bly *a.* (טאַמ'־בלי) ניט גלײך, בער־געלדיג, פול מיט גריבער און בערגלעך; בעדעקט מיט שטײנער [װי אַ ים־דעק].

tum'brel *n.* (טאַמ'־ברעל) אַ מיסט־װאַ־גען; אַן אַמוניציאָנס־װאַגען פאַר אַרטי־לעריע; אַ פאַרצײטיגער שטראָף־שטוהל פאַר װײבער־אַרורות; אַ מין שטײג צו האַלטען אום װינטער שפּייז פאַר שאָף.

tumefa'cient *a.* (טיו־מי־פײ'־שיענט) אַנשװעלענד, געשװאָלען.

tumefac'tion *n.* (טיו־מי־פעק'־שאַן) אויפשװעלונג, געשװאָלענקײט; אַ געשװוי־לעניש.

tu'mefy *v.* (טיו׳-מי-פאי) מאכען געשוואלען, מאכען א געשווילעכץ; געשוואלען ווערען.

tumeros'ity *n.* (טיו-מער-אס׳-אי-טי) געשוואלענקייט.

tumes'cence *n.* (טיו-מעס׳-ענס) ז. ***tumefaction***.

tumes'cent *a.* (טיו-מעס׳-ענט) אויפשוועלענד, וואס ווערט געשוואלען.

tu'mid *a.* (טיו׳-מיד) 1. אויפגעשוואלען, געשוואלען; 2. אויפגעבלאזען; באמבאסטיש; 3. גרויסשטארצענד.

1. The horse suffers from a **tumid** leg.
2. The writer is known for his **tumid** style.

tumid'ity *n.* (טיו-מיד׳-אי-טי) געשוואלענקייט, געשווילעכץ; אן אויפגעבלאזענער, באמבאסטישער סטיל.

tu'midly *adv.* (טיו׳-מיד-לי) ווי א געשווילעכץ; אויפגעשוואלען; אויפגעבלאזען; אויף א באמבאסטישען שטייגער.

tu'midness *n.* (טיו׳-מיד-נעס) געשוואלענקייט; אויפגעבלאזענקייט, באמבאסטישקייט.

tu'mor *n.* (טיו׳-מאר) א געשווילעכץ, א געשוויר, א בייל; באמבאסטישקייט.

tu'morous *a.* (טיו׳-מאר-אס) ז. ***tumid***.

tump *n. and v.* (טאמפ) א בערגעל; א קופקע ערד; ארומשיטען א קופקע ערד ארום א פלאנצע.

tump'-line *n.* (טאמפ׳-לאין) א שטערן-רימען [אזא רימען פאר געפעק וואס ווערט ארומגעבונדען ארום שטערן. ווערט געברויכט אין אייניגע געגענדען פון אמעריקא].

tum'-tum *n.* (טאמ׳-טאמ) אזא וועסט-אינדישעס געריכט פון צוקוועטשטע פיזאנג אדער פאראדיז-פייגען [ז. ***plantain***]; אזא אינדישעס האנד-פייקעל.

tu'mular *a.* (טיו׳-מיו-לאר) ז. ***tumulary***.

tu'mulary *a.* (טיו׳-מיו-לע-רי) בערגעלדיג, אין א קופע, אויסגעלעגט אין א קופע.

tu'mulate *v.* (טיו׳-מיו-לייט) פארשיטען מיט א בערגעל ערד, בעגראבען.

tu'muli *n.* (טיו׳-מיו-לאי) קברים-בערגלעך, הויפענס ערד איבער קברים; בערגלעך. ז. ***tumulus***.

tu'mulose *a.* (טיו׳-מיו-לאס) בערגעלדיג, בערגיג, פול מיט בערגלעך, בעדעקט מיט בערגלעך.

tumulos'ity *n.* (טיו-מיו-לאס׳-אי-טי) בערגיגקייט, בערגעלדיגקייט.

tu'mulous *a.* (טיו׳-מיו-לאס) ז. ***tumulose***.

tu'mult *n. and v.* (טיו׳-מאלט) א טומעל, א געטימעל, א ליארם, א רעש, א גערודער, אן אויפרעגונג; אן אויפרוהר; אן אויפשטאנד; טומלען, ליארמען.

tumul'tuarily *adv.* (טיו-מאל׳-טשו-ע-רי-לי) טומעלדיג, ליארמעדיג; מיט רעש; אויפריהרעריש; מיאטעזשנע; אהן א טאלק, אהן ארדנונג, אהן א סיסטעם.

tumul'tuariness *n.* (טיו-מאל׳-טשו-ע-רי-נעס) טומעלדיגקייט, ליארמדיגקייט, רעש׳יגקייט, אונרוהיגקייט, שטורמישקייט; אויפריהרערישקייט, מיאטעזשנעקייט.

tumul'tuary *a.* (טיו-מאל׳-טשו-ע-רי) טומלענד, ליארמענד, רעש׳יג, אונרוהיג, שטורמיש, אויפריהרעריש, מיאטעזשנע.

tumul'tuous *a.* (טיו-מאל׳-טשו-אס) טומעלדיג, ליארעמדיג, אין אונארדנונג, אויפגערעגט, שטורמיש; אויפריהרעריש, מיאטעזשנע.

tumul'tuously *adv.* (טיו-מאל׳-טשו-אס-לי) טומעלדיג, ליארמענדיג, אין אונארדנונג, אין אויפרעגונג; אויפריהרעריש, מיאטעזשנע.

tumul'tuousness *n.* (טיו-מאל׳-טשו-אס-נעס) ז. ***tumultuariness***.

tumul'tus *n.* (טיו-מאל׳-טאס) ניט רעגולערע בעוועגונג, טהעטיגקייט אדער פונקציאנירונג.

tu'mulus *n.* (טיו׳-מיו-לאס) א בערגעל; אן אנגעשאטענע קופע ערד; א קבר-בערגעל, א בערגעל אויף א קבר.

tun *n. and v.* (טאן) א טון, א פאס; א כלי; א מאס פאר וויין פון 252 גאלאנען; אריינגיסען אדער אריינשיטען אין פעסער; צוריכטען משקאות אין פעסער [כדי זיי צוצוגעבען א בעזונדערען געשמאק אדער זיי צו פערהיטען פון קאליע ווערען].

tu'na *n.* (טיו׳-נא) דער טונא-בוים [א מין קאקטוס-פלאנצע מיט פעסעל-ענליכע עסבארע פרוכטען. ז. ***prickly-pear***].

tu'nable *a.* (טיו׳-נעבל) וואס קען געשטימט אדער אנגעשטעלט ווערען [ווענען א מוזיקאלישען אינסטרומענט]; וואס קען געמאכט ווערען הארמאניש; הארמאניש, וואוהלקלינגענד, מעלאדיש, מוזיקאליש.

tu'nableness *n.* (טיו׳-נעבל-נעס) די פעהיגקייט געשטימט צו ווערען אדער אנגעשטעלט צו ווערען [ווענען מוזיקאלישע אינסטרומענטען]; די פעהיגקייט צו ווערען הארמאניש; הארמאנישקייט, מעלאדישקייט, מוזיקאלישקייט, וואוהלקלאנג.

tu'nably *adv.* (טיו׳-נע-בלי) הארמאניש, וואוהלקלינגענד, מעלאדיש, מוזיקאליש.

tun'-bel'lied *a.* (טאנ׳-בעל׳-איד) גראב-בייכיג.

tun'-bel'ly *n.* (טאנ׳-בעל׳-אי) א דיקער בויך, א טרעמבויך.

tun'dra *n.* (טאנ׳-דרא) א טונדרא [א סטעפע אין די נארדליכע פאלאר-געגענדען פון אייראפא און אזיען, א פלאכע זומפיגע געגענד בעוואקסען בלויז מיט מאך].

tun'dun *n.* (טאנ׳-דאן) אזא קינדער-שפיעלכעל. ז. ***bull-roarer***.

tune *n. and v.* (טיון) א טאן, א מוזיקאלישער קלאנג; א מעלאדיע, א נגון; הארמאניע; געשטימטקייט [ווי פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט]; שטימונג, ריכטיגע שטימונג; לוינע; שטימען, אנשטעלען [א מוזיקאלישען אינסטרומענט]; שפיעלען [אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט]; אויסדריקען דורך מעלאדיע, פייערן דורך מוזיק; אנשטימען, אנשטעלען אויף א געוויסען טאן; מאכען הארמאניש, ברענגען צו איבעראיינשטימונג; ברענגען אין א געוויסען צושטאנד; ארויסגעבען קלאנגען.

tu'neable *a.* (טיו׳-נעבל) ז. ***tunable***.

tu'neableness *n.* (טיו׳-נעבל-נעס) ז. ***tunableness***.

tu'neably *adv.* (טיו׳-נע-בלי) ז. ***tunably***.

tuned *a.* (טיונד) געשטימט, אנגעשטעלט.

tune'ful *a.* (טיונ׳-פול) מעלאדיש, זיסקלינגענד, הארמאניש.

tune'fully *adv.* (טיונ׳-פול-אי) אויף א הארמאנישען, מוזיקאלישען אדער מעלאדישען שטייגער.

tune'fulness *n.* (טיונ׳-פול-נעס) מעלאדישקייט, הארמאנישקייט, מוזיקאלישקייט.

tune'less *a.* (טיונ׳-לעס) ניט הארמאניש, ניט מוזיקאליש, ניט מעלאדיש; אהן א שטימע, אהן א קלאנג, שטום.

tu'ner *n.* (טיו׳-נער) איינער וואס שטימט, שטעלט אן אדער רעגולירט מוזיקאלישע אינסטרומענטען; א מוזיק-פערפאסער; א זינגער; א פארריכטונג אין אן ארגעל צו ענדערען די קראפט פון טאן.

tung'-oil *n.* (טאנג׳-איל) טונג-אויל, דער אויל פון דעם כינעזישען טונג-בוים [געברויכט אין פארבען]. ז. ***tung-tree***.

tung'state *n.* (טאנג׳-סטיים) וואלפראם-זויער-זאלץ אדער שטעל-זויער-זאלץ.

tung'sten *n.* (טאנג׳-סטען) טונגשטיין אדער וואלפראם [אזא שטאל-גרוייער מעטאל].

tung'sten lamp (טאנג׳-סטען לעמפ) א טאנגסטען-לעמפעל [אן עלעקטרישעס גליה-לעמפעל, אין וועלכען דער גליה-פאדים איז גענומען פון טונגשטיין אדער וואלפראם און וועלכער פערצעהרט וועניגער עלעקטרישע ענערגיע ווי די געוועהנליכע גליה-לעמפלעך].

tung'stic *a.* (טאנג׳-סטיק) פון טונגשטיין, וואס איז גענומען פון טונגשטיין אדער פון וואלפראם. ז. ***tungsten***.

tung'-tree *n.* (טאנג׳-טריע) דער טונג-בוים [אזא כינעזישער בוים וואס גיט ארויס א פארב-אויל].

tun'hoof *n.* (טאנ׳-הוהף) דער גונדערמאן אדער די ביער-פלאנצע. ז. ***alehoof***.

tu'nic *n.* (טיו׳-ניק) א טוניקא, א לויזעס קלייד, א גלח'שער קיטעל אדער מאנטעל; א מאנטעל; א מיליטערישער מאנטעל אדער איבער-ראק; א הויט, א הייטעל.

tu'nica *n.* (טיו׳-ני-קא) ז. ***tunic***.

tu'nicary *n.* (טיו׳-ני-קע-רי) א מאנטעל-טהיער, א ים-זאק. ז. ***Ascidia***.

Tunica'ta *n.* (טיו-ני-קיי׳-טא) ים-זעק, מאנטעל-טהיערע [א מין ים-חיה׳לעך מיט א זאק-ענליכען קערפער און מיט א לעדער-ענליכער הויט-איינהילונג]. ז. ***Ascidia***.

tu'nicate *a. and n.* (טיו׳-ני-קייט) הויטיג, איינגעהילט אין א הייטעל; איינגעהילט איינס אין צווייטען, אריינגעשטעלט איינס אין צווייטען ווי א רייהע פינגערהוטען [ווענען פלאנצען-טיילען און פלאנצען-שיכטען]; א מאנטעל-טהיער, א ים-זאק [ז. ***Tunicata***].

tu'nicated *a.* (טיו׳-ני-קיי-טעד) הויטיג, מיט א הויט; איינגעהילט, צוגעדעקט. ז. ***tunicate***.

tu'nicle *n.* (טיו׳-ניקל) א הייטעל, א הייטעלע; א גלח'שער מאנטעל אדער קיטעל.

tunic'ulated *a.* (טיו-ניק׳-יו-ליי-טעד) בעדעקט מיט א הייטעל.

tu'ning *n.* (טיו׳-נינג) דאס שטימען, אנשטעלען אדער רעגולירען א מוזיקאלישען אינסטרומענט.

tu'ning-fork *n.* (טיו׳-נינג-פאהרק) א שטים-גאפעל, א קאמער-טאן.

Tuning-fork

tu'ning-ham'mer *n.* (טיו׳-נינג-העמ׳-ער) א שטים-האמער [א האמער-ענליכער שרויפען-שליסעל צום שטימען, רעגולירען אדער אנשטעלען קלאווירען].

Tuning-hammer

tu'ning-key *n.* (טיו׳-נינג-קיע) א

שרויף=שליסעל צום שטימען אדער אנשטעלען קלאווירען אדער פיאנאס. ז. *tuning-hammer*

tu'ning-knife *n.* (טיו'-נינג-נאיף) ז. ***reed-knife***

tunk *n.* (טאנק) א קלאפ, א שלאג.

Tun'ker *n.* (טאנ'-קער) ז. ***Dunker***

tun'-moot *n.* (טאנ'-מוהט) א שטאדטישער אדער דארפישער געריכטס=הויף, פערזאמלונגס=פלאץ אדער פערזאמלונג פארצייטענס אין ענגלאנד.

tun'nage *n.* (טאנ'-עדזש) א פארצייטיגער שטייער [פער טאן] אויף אימפארטירטען וויין אין ענגלאנד.

tun'nel *n.* *and* *v.* (טאנ'-על) א לייקע; א רעהר, א רויך=רעהר, א קוימען; א נעץ; א טונעל, אן אונטער=ערדישער דורכגאנג; מאכען ווי א לייקע; פאנגען מיט א לייקע=עהנליכער נעץ; גראבען א טונעל.

tun'nel-kiln *n.* (טאנ'-על-קיל) א קאלך=אויוען געהייצט מיט שטיין=קויהלען.

tun'nel-net *n.* (טאנ'-על-נעט) א טאנען=נעץ [א לייקע=עהנליכע נעץ].

tun'nel-pit *n.* (טאנ'-על-פיט). ז. ***tunnel-shaft***

tun'nel-shaft *n.* (טאנ'-על-שעפט) א טונעל=שאכט [א גרוב אדער עפנונג פון דער אויבערפלעכע פון דער ערד צו א טונעל].

tun'ning *n.* (טאנ'-אינג)ברייען [ביער]; ביער וואס ווערט אויסגעברייט פאר איין מאל; דאס אריינגיסען אין א פאס.

tun'ning-cask *n.* (טאנ'-אינג-קעסק) א כלי פאר איבערגעאיהרטען ביער.

tun'ny *n.* (טאנ'-אי) דער טהונפיש [א מין מאקרעל=עהנליכער פיש].

tu'ny *a.* (טיו'-ני) וואס האט א סך קלאנגען אדער מעלאדיע, מעלאדיש.

tup *n.* *and* *v.* (טאפ) א באראן; די שלאג=פלעכע פון א מאשין=האמער; האבען געשלעכטליכען פערקעהר [הויפטזעכליך וועגען שאף].

tu'pelo *n.* (טיו'-פע-לאו) דער טופעלא=בוים אדער קארק=ווארצעל בוים [אזא אמעריקאנישער בוים מיט א לייכטען האלץ].

Tupelo

tu'pelo tent (טיו'-פע-לאו טענט) א' שטעקעל פון דעם האלץ פון טופעלא=בוים צום אויסברייטען די עפנונג אין דער געבעהר=מוטער.

tup'-man *n.* (טאפ'-מען) איינער וואס האדעוועט באראנעס אדער האנדעלט מיט באראנעס.

tup'see *n.* (טאפ'-סיע) דער מאנגא=פיש. ז. ***mango-fish***

tuque *n.* (טיוק) אזא קאנאדישעס געשטריקטעס היטעל.

tu quo'que (טיו קהוואו'-קהווי) דו אויך; אן ענטפער אויף א בעשולדיגונג מיט אן עהנליכער בעשולדיגונג.

The tu quoque argument is never a conclusive one.

tur *n.* (טוהר) דער אור אדער אויער=אקס. ז. ***urus***

tu'racin *n.* (טוה'-רע-סין) דער רויטער פארב=שטאף אין די פעדערען פון א טוראקו. ז. ***turacou***

tu'racou *n.* (טוה'-רע-קוה) דער טוראקו [אזא אפריקאנישער פויגעל מיט רייך=קאלירטע רויטע און העל=גרינע פעדערען, מיט רויטע אויגען און זעהר א שעהנעם טשוב].

Turacou

tu'rakoo *n.* (טוה'-רע-קוה) ז. ***turacou***

tur'ba *n.* (טויר'-בא) דער כאר אין א מיטעלאלטערליכער רעליגיעזער פארשטעלונג פון יעזוס'עס ליידען און טויט [דער כאר האט מיט זיך פארגעשטעלט די אידישע בעפעלקערונג].

tur'ban *n.* (טויר'-בען) א טורבאן, א מאכמעדאנישער קאפ=צודעק [בעשטעהט פון א שאל אדער טוך ארומגעדרעהט ארום קאפ אויף א געוויסען אופן]; א קאפ=צודעק אדער הוט עהנליך צו א טורבאן; די ווינדונג אדער ספיראלע פון א שנעק.

Turban

undried′ *a.* (אנ-דראיד′) ניט געטריקענט.

undrilled′ *u.* (אנ-דרילד′) ניט איינגעמושטירט; ניט איינגעאיבט.

undross′y *a.* (אנ-דראס′-אי) אהן שלאקען, אהן פסולת; ריין, געלייטערט.

undrowned′ *a.* (אנ-דראונד′) ניט דערטרונקען.

undue′ *a.* (אנ-דיו′) אונגעהעריג, ניט פאסענד; אונרעכט; געגען געזעץ; אויסערסט, צו פיעל; נאך ניט פעליג, נאך ניט צייטיג צום צאהלען; נאך ניט צאהלבאר.

unduke′ *v.* (אנ-דיוק′) אבנעהמען די הערצאגס-ווירדע, אוועקנעהמען דעם הערצאג-ראנג, מאכען אוים הערצאג.

un′dulant *a.* (אנ′-דיו-לענט) וועליג, כוואליעדיג.

un′dulate *v. and a.* (אנ′-דיו-לייט) זיך וועלענפערמיג בעוועגען, שלאגען כוואליעס, זיך בעוועגען ווי אינדען; מאכען א וועלענפערמיגע בעוועגונג; וועליג, כוואליעדיג; וואס האט א וועליגע פלעכע.

un′dulately *adv.* (אנ′-דיו-לייט-לי) אויף א וועלענפערמיגען אדער כוואליעדיגען אופן.

un′dulating *a.* (אנ′-דיו-ליי-טינג) וואס בעוועגט זיך ווי וועלען אדער אינדען; וועליג, כוואליעדיג, וועלענפערמיג.

un′dulatingly *adv.* (אנ′-דיו-ליי-טינג-לי) אויף א וועלענפערמיגען אופן; אין כוואליעס, אין אינדען.

undula′tion *n.* (אנ-דיו-ליי′-שאן) א וועלענפערמיגע בעוועגונג; דאס בעוועגען זיך וועלענפערמיג; וועלענפערמיגקייט; אזא הארץ-קלאפונג ווי דאס שלאגען פון כוואליעס; א געוויסע בעוועגונג פון דער מאטעריע [פלאנמע] אין א געשוויר, וואס צייגט אן, אז עס איז רייף צום עפענען אדער אויפשניידען; א רייה וועלענפערמיגע ליניען; א וועלענפערמיגע פלעכע, א פלעכע מיט וועלענפערמיגע ליניען.

un′dulatory *a.* (אנ′-דיו-ליי-טא-רי) וועלענפערמיג; וואס בעוועגט זיך וועלענפערמיג; כוואליעדיג; ווי כוואליעס.

un′dulatory cur′rent (אנ′-דיו-ליי-טא-רי קאר′-ענט) א וועלענפערמיגער עלעקטרישער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם, וואס זיין שפאנונג אדער שטארקייט פאלט און הויבט זיך אין א רעגעלמעסיגער פארם און ווערט פארגעשטעלט ווי א וועלען-ליניע].

un′dulatory the′ory of light (אנ′-דיו-ליי-טא-רי טהי′-א-רי אוו לאיט) די טעאריע דאס די ליכט-שטראהלען בעוועגען זיך ווי א וועלענפערמיגע ליניע.

un′dulous *a.* (אנ′-דיו-לאס) וועלענפערמיג, וואס הויבט זיך און פאלט ווי א כוואליע.

undu′ly *adv.* (אנ-דיו′-לי) ניט געהעריג, ניט פאסענד; ניט ריכטיג, אונרעכט; ניט געזעצמעסיג; אויסערסט, צו פיעל. The mother is unduly alarmed about the child's health.

undu′rable *a.* (אנ-דיו′-רעבל) אונדויערהאפט, וואס דויערט ניט.

undu′rably *adv.* (אנ-דיו′-רע-בלי) ניט דויערענדיג, אונדויערהאפט.

undu′teous *a.* (אנ-דיו′-טי-אס) ז. *undutiful*.

undu′tiful *a.* (אנ-דיו′-טי-פול) וואס פערגעסט אדער ערפילט ניט זיין פליכט; אונגעהארכזאם; ווידערשפעניג.

undu′tifully *adv.* (אנ-דיו′-טי-פול-אי) ניט ערפילענדיג די פליכטען; ניט לויט די פליכטען; אונגעהארכזאם.

undu′tifulness *n.* (אנ-דיו′-טי-פול-נעס) אונגעהארכזאמקייט; דאס ניט ערפילען די פליכטען.

undyed′ *a.* (אנ-דאיד′) ניט געפארבט.

undy′ing *a.* (אנ-דאי′-אינג) אונשטערבליך; ניט פערגענגליך.

undy′ingly *adv.* (אנ-דאי′-אינג-לי) מיט אונשטערבליכקייט, אונשטערבליך; אונפערגענגליך.

undy′ingness *n.* (אנ-דאי′-אינג-נעס) אונשטערבליכקייט; אונפערגענגליכקייט.

unearned′ *a.* (אנ-אורנד′) ניט פערדיענט [דורך ארבייט אדער דיענסט], ניט ערווארבען.

unearth′ *v.* (אנ-אוירטה′) אויסגראבען;

ענטדעקען, אויסגעפינען; ארויסנעהמען פון אונטער דער ערד, ארויסטרייבען פון א הויל אדער לאך.

unearth'liness *n.* (אנ-אוירטה'-לי-נעס) איבערערדישקייט, איבערנאטירליכקייט.

unearth'ly *a.* (אנ-אוירטה'-לי) ניט ערדיש, איבערערדיש, איבערנאטירליך.

uneased' *a.* (אנ-איעזד') ניט פערלייכטערט, ניט לייכטער געמאכט.

unea'sily *adv.* (אנ-איע'-זי-לי) אומבעקוועם; אונרוהיג, פיינליך, שמערצליך; ענגסטליך; שווירינג. שווער.

unea'siness *n.* (אנ-איע'-זי-נעס) אומבעקוועמליכקייט; אונרוהיגקייט; אונאנגענעהמליכקייט; פערדריסליכקייט; פיינליכקייט.

unea'sy *a.* (אנ-איע'-זי) אונבעקוועם; אונרוהיג, ענגסטליך; פערדריסליך, ניט צום מוטה; ניט פרעהליך געשטימט; פיינליך; שמערצליך; אונאנגענעהם; ניט לייכט, שווער, שווירינג.

unea'table *a.* (אנ-איע'-טעבל) אונגעניסבאר, וואס מען קען ניט געניסען, אונעסבאר, וואס קען ניט געגעסען ווערען.

unea'tableness *n.* (אנ-איע'-טעבל-נעס) אונעסבארקייט, אונגעניסבארקייט.

unea'ten *a.* (אנ-איע'טן) ניט אויפגעגעסען, ניט פערצעהרט; ניט פערניכטעט אדער צושטערט.

uneconom'ical *a.* (אנ-אי-קא-נאמ'-אי-קעל) ניט עקאנאמיש, ניט שפּאַרזאם.

unedge' *v.* (אנ-עדזש') מאכען טעמפ אדער שטומפיג.

uned'ified *a.* (אנ-עד'-אי-פאיד) ניט פערבעסערט אדער אויסגעבילדעט [אין בעצוג צום פערשטאנד אדער מאראל].

uned'ifying *a.* (אנ-עד'-אי-פאי-אינג) ניט אויסבילדענד אדער אויסבעסערענד [אין בעצוג צו מאראל אדער פערשטאנד].

uned'ited *a.* (אנ-עד'-אי-טעד) ניט רעדאגירט.

uned'ucate *v.* (אנ-עד'-יו-קייט) אוועקנעהמען די בילדונג, מאכען צוריק אונערצויגען אדער אונגעבילדעט.

uned'ucated *a.* (אנ-עד'-יו-קיי-טעד) אונערצויגען, אונגעבילדעט.

uneffaced' *a.* (אנ-ע-פייסט') ניט אויסגעמעקט.

uneffec'tual *a.* (אנ-ע-פעק'-טשו-על) ז. ***ineffectual***.

uneffec'tuated *a.* (אנ-ע-פעק'-טשו-איי-טעד) ניט אויסגעפיהרט, ניט פערווירקליכט.

uneges'ted *a.* (אנ-אי-דזשעס'-טעד) ניט אויסגעלעדיגט; ניט אויסגעלעדיגט דעם מאגען.

unelab'orated *a.* (אנ-אי-לעב'-א-ריי-טעד) ניט פינקטליך אויסגעארבייט, ניט קונסטפאל געמאכט. ז. ***elaborated***.

unelas'tic *a.* (אנ-אי-לעס'-טיק) ניט עלאסטיש.

unela'ted *a.* (אנ-אי-ליי'-טעד) ניט אויפגעבלאזען ביי זיך, ניט שטאלץ.

unelec'ted *a.* (אנ-אי-לעק'-טעד) ניט ערוועהלט, ניט אויסגעוועהלט.

unelec'trified *a.* (אנ-אי-לעק'-טרי-פאיד) ניט עלעקטריזירט, ניט אנגעלאדען מיט עלעקטריציטעט.

unelec'trolyzed *a.* (אנ-אי-לעק'-טרא-לאיזד) ניט אויפגעלעזט פון א עלעקטרישען שטראם [וועגען א כעמישער פערבינדונג].

unel'egant *a.* (אנ-על'-אי-גענט) ניט עלעגאנט. ז. ***inelegant***.

unel'igible *a.* (אנ-על'-אי-דזשיבל) ניט ערוועהלבאר, וואס קען ניט ערוועהלט ווערען, ניט וועהל-פעהיג; ניט ווינשענסווערטה.

unelim'inated *a.* (אנ-אי-לימ'-אי-ניי-טעד) ניט בעזייטיגט, ניט אבגעשאפט.

unembar'rassed *a.* (אנ-עמ-בער'-עסט) ניט צופלאנטערט, ניט צומישט, ניט צוטומלט; ניט אין פערלעגענהייט.

unembod'ied *a.* (אנ-עמ-באד'-איד) ניט פערקערפערט; ניט פעראייניגט אין איין קערפערשאפט.

unemo'tional *a.* (אנ-אי-מאו'-שאנ-על) וואס ריהרט ניט; וואס ווערט ניט געריהרט; וואס וועקט ניט אדער רעגט ניט אויף די געפיהלען; גלייכגילטיג.

unemo'tionally *adv.* (אנ-אי-מאו'-שאנ-על-אי) ניט געריהרט, אהן געמיטהס-אויפרעגונג, קאלט, קאלטבלוטיג.

unemphat'ic *a.* (אנ-עמ-פעט'-איק) ניט נאכדריקליך, ניט איינדרוקספאל.

unemphat'ical *a.* (אנ-עמ-פעט'-אי-קעל) ז. ***unemphatic***.

unemployed' *a.* (אנ-עמ-פלאיד') אונבעשעפטיגט; ארבייטסלאז; וואס האט ניט קיין ארבייט; וואס ווערט ניט געברויכט אדער בענוצט.

unemploy'ment *n.* (אנ-עמ-פלאי'-מענט) אונבעשעפטיגטקייט; ארבייטסלאזיגקייט; דאס זיין ניט געברויכט אדער ניט בענוצט.

unempow'ered *a.* (אנ-עמ-פאו'-ערד) ניט בעפאלמעכטיגט.

unemp'tiable *a.* (אנ-עמפ'-טי-עבל) וואס קען ניט אויסגעלעדיגט אדער אויסגעשעפט ווערען.

unemp'tied *a.* (אנ-עמפ'-טיד) ניט אויסגעלעדיגט.

unencum'ber *v.* (אנ-ען-קאמ'-בער) אוועקנעהמען די הינדערונגען אדער שטערונגען.

unencum'bered *a.* (אנ-ען-קאמ'-בערד) אהן שטערונגען, אהן מניעות; שולדען-פריי, ניט בעלאסטעט, אהן היפאטעקען.

unendeared' *a.* (אנ-ען-דיערד') ניט בעליעבט, ניט טייער.

unen'ded *a.* (אנ-ען'-דעד) ענדלאז, אהן א סוף.

unen'ding *a.* (אנ-ען'-דינג) ענדלאז, וואס האט ניט קיין ענד אדער סוף.

unen'dingly *adv.* (אנ-ען'-דינג-לי) ענדלאז, אהן אן ענד.

unen'dingness *n.* (אנ-ען'-דינג-נעס) ענדלאזיגקייט, דאס זיין אהן אן ענד.

unendorsed' *a.* (אנ-ען-דאהרסט') ניט אינדארסירט, ניט זשירירט, ניט בעשטעטיגט מיט מיט דער אונטערשריפט אויף דער אנדערער זייט [וועגען א וועקסעל אדער באנק-אנווייזונג].

unendowed' *a.* (אנ-ען-דאוד') ניט בעגאבט, ניט בעשאנקען; אהן איינקונפט, אהן הכנסה; ניט אויסגעשטאטעט.

unendur'able *a.* (אנ-ען-דיור'-עבל) אונערטרעגליך.

unendur'ably *adv.* (אנ-ען-דיור'-ע-בלי) אויף אן אונערטרעגליכען אופן.

unendur'ing *a.* (אנ-ען-דיור'-אינג) ניט דויערנד, וואס איז אויף דערוויילע.

unenfor'ceable *a.* (אנ-ען-פאור'-סעבל) וואס קען ניט געצוואונגען ווערען, וואס קען ניט דורכגעפיהרט ווערען.

unenforced' *a.* (אנ-ען-פאורסט') ניט געצוואונגען, ניט דורכגעפיהרט.

unenfran'chised *a.* (אנ-ען-פרענ'-טשאיזד) ניט בעפרייט, ניט בעפרייט פון שקלאפעריי; ניט אויפגענומען אלס בירגער, ניט בעקומען קיין שטימרעכט.

unengaged' *a.* (אנ-ען-גיידזשד') ניט בעשעפטיגט, ניט פערנומען; ניט פערבונדען; ניט פערלאבט; ניט פערפליכטעט.

unenga'ging *a.* (אנ-ען-גיי'-דזשינג) ניט אנציהענד, ניט רייצענד.

un-Eng'lish *a.* (אנ-אינג'-ליש) ניט ענגליש, וואס איז ניט אין איינקלאנג מיט ענגליש, וואס איז נעגען די געפיהלען אדער דעם כאראקטער פון די ענגלישע; וואס איז ניט לויט דעם געברויך פון דער ענגלישער שפראך.

un-Eng'lished *a.* (אנ-אינג'-לישט) ניט איבערזעצט אין ענגליש.

unengrossed' *a.* (אנ-ען-גראוסט') ניט אין גאנצען פערנומען, ניט מאנאפאליזירט.

unenlarged' *a.* (אנ-ען-לארדזשד') ניט פערגרעסערט, ניט גרעסער געמאכט; בעשרענקט.

unenli'vened *a.* (אנ-ען-לאי'-ונד) ניט בעלעבט, ניט אויפגעמונטערט.

unenriched' *a.* (אנ-ען-ריטשט') ניט בערייכערט; ניט בעצירט, ניט בעפוצט.

unenrolled' *a.* (אנ-ען-ראולד') ניט איינגעשריבען, ניט רעגיסטרירט, ניט פערשריבען אין א ליסטע.

unenslaved' *a.* (אנ-ען-סלייווד') ניט פערשקלאפט, ניט אונטעריאכט, פריי.

unentan'gled *a.* (אנ-ען-טענ'גלד) ניט פערפלאנטערט, ניט פערוויקעלט, ניט פערדרעהט.

unen'tered *a.* (אנ-ען'-טערד) ניט אריינגעטרעטען, ניט אריינגעקומען; ניט פערשריבען אדער איינגעטראגען אין די ביכער; ניט בעצאהלט קיין שטייער ביים צאל-אמט [מאמאזשנע].

unen'tering *a.* (אנ-ען'-טער-אינג) וואס מאכט ניט קיין איינדרוק.

unen'terprising *a.* (אנ-ען'-טער-פראי-זינג) ניט אונטערנעהמענד, ניט וואגענד; אהן אונטערנעהמונגס-גייסט.

unentertai'ning *a.* (אנ-ען-טער-טיי'-נינג) ניט אמוזירענד, ניט אונטערהאלטענד, לאנגווייליג.

unentertai'ningness *n.* (אנ-ען-טער-טיי'-נינג-נעס) דאס זיין ניט אונטערהאלטענד אדער אמוזירענד, דאס זיין לאנגווייליג; לאנגווייליגקייט.

unenthralled' *a.* (אנ-ען-טהראהלד') ניט פערשקלאפט; ניט אונטעריאכט; ניט אונטערווארפען.

unenthusias'tic *a.* (אנ-ען-טהיו-זי-עס'-טיק) ניט ענטוזיאסטיש, ניט ענטציקט, ניט בעגייסטערט.

unenti'tled *a.* (אנ-ען-טאי'-טלד) אונבערעכטיגט.

unentombed' *a.* (אנ-ען-טוהמד') ניט בעערדיגט, ניט בעגראבען.

unenu'merated *a.* (אנ-אי-ניו'-מע-ריי-טעד) ניט אויסגעצעהלט, ניט אויסגערעכענט.

unen'viable *a.* (אנ-ען'-ווי-עבל) ניט מקנא צו זיין, ניט צו בעניידען.

unen'viably *adv.* (אנ-ען'-ווי-ע-בלי) ניט מקנא צו זיין, ניט צו בעניידען.

unen'vied *a.* (אנ-ען'-וויד) ניט בענייד ט, וועמען מען איז ניט מקנא.

unen'vious *a.* (אנ-ען'-ווי-אס) פריי פון קנאה, אהן קנאה, אהן נייד.

unen′vying *a.* (אנ-ענ′-ווי-אינג) ניט זייענדיג מקנא, ניט בענײדענד.

unepis′copal *a.* (אנ-אי-פיס′-קא-פעל) ניט בישאפליך.

une′quable *a.* (אנ-אי′-קהװעבל) ניט גלייכמעסיג, ניט אויסגעהאלטען.

une′qual *a.* (אנ-אי′-קהװעל) אונגלייך, ניט גלייך; ניט גלייכמעסיג, ניט פערהעלטניסמעסיג, ניט פראפארציאנעל, ניט נאך דער פראפארציע; ניט גלייכפערמיג; ניט סימעטריש; ניט לויט די כחות.

une′qualed *a.* (אנ-אי′-קהװעלד) אונפערגלייכליך, אהן א גלייכען.

une′qualled *a.* (אנ-אי′-קהװעלד) ז. ***unequaled***

une′qually *adv.* (אנ-אי′-קהװעל-אי) אונגלייך; ניט אין פראפארציע; ניט גלייכמעסיג, ניט גלייכפערמיג; ניט סימעטריש; ניט לויט די כחות.

une′qualness *n.* (אנ-אי′-קהװעל-נעס) אונגלייכהייט; אונגלייכמעסינקייט, אונגלייכפערמינקייט.

unequili′brated *a.* (אנ-אי-קהװי-לאי′-בריי-טעד) ניט באלאנסירט, ניט געהאלטען אין גלייכגעוויכט.

unequipped′ *a.* (אנ-אי-קהװיפט′) ניט אויסגעשטאטעט, ניט אויסגעריכט מיט געװעהר, ניט בעוואפענט.

uneq′uitable *a.* (אנ-עק′-הװי-טעבל) ניט רעכט, ניט ריכטיג, ניט יושר′דיג, פארטייאיש.

uneq′uitably *adv.* (אנ-עק′-הװי-טע-בלי) מיט אונרעכט, ניט מיט יושר, פארטייאיש.

unequiv′ocal *a.* (אנ-אי-קהװיװ′-א-קעל) ניט צווײדײטיג, אונצווייפעלהאפט.

unequiv′ocally *adv.* (אנ-אי-קהװיװ′-א-קעל-אי) אויף אן אונצווײדײטיגען אדער אונצווייפעלהאפטען אופן.

unequiv′ocalness *n.* (אנ-אי-קהװיװ′-א-קעל-נעס) אונצווײדײטיגקײט, אונצווייפעלהאפטיגקייט.

uner′ring *a.* (אנ-ער′-אינג) ניט אירענד, אונפעהלבאר, ניט מאכענדיג קיין פעהלער אדער טעות; ריכטיג, זיכער, נעווים.

uner′ringly *adv.* (אנ-ער′-אינג-לי) ניט מאכענדיג קיין טעות אדער פעהלער; אהן אן אירטום, אהן א טעות.

uner′ringness *n.* (אנ-ער′-אינג-נעס) אונפעהלבארקייט, דאס זיין אהן א פעהלער אדער טעות.

unesca′pable *a.* (אנ-עס-קיי′-פעבל) אונפערמיידליך, וואס קען ניט אויסגעמידען ווערען; פון וואס מען קען ניט אנטרינען.

unespied′ *a.* (אנ-עס-פאיד′) אונענטדעקט; אונבעמערקט.

unessayed′ *a.* (אנ-ע-סייד′) ניט פראבירט.

unessen′tial *a. and n.* (אנ-ע-סענ′-שעל) ניט וועזענטליך, ניט וויכטיג, ניט דער עיקר; עטוואס וואס איז ניט דער עיקר אדער דער עסענץ פון דער זאך, א נעבענזאך.

unestab′lished *a.* (אנ-עס-טעב′-לישט) ניט איינגעריכטעט, ניט פעסטגעזעצט, ניט נעגרינדעט, ניט עטאבלירט.

unesthet′ic *a.* (אנ-עס-טהעט′-איק) ניט עסטעטיש.

unetched′ *a.* (אנ-עטשט′) ניט אויסגעפרעסען, ניט אויסגעגעסען פון אן אויספרעסענדען שטאף.

uneva′dable *a.* (אנ-אי-וויי′-דעבל) אונפערמיידליך.

unevangel′ical *a.* (אנ-אי-וועג-דזשעל′-אי-קעל) ניט עוואנגעליש. ז. ***evangelical***

une′ven *a.* (אנ-אי′וון) ניט גלייך, ניט גלאט, ניט גראד; ניט גלייכמעסיג; אין אריפמעטיק — ניט גראד, אום, וואס קען זיך ניט טיילען אויף צוויי גלייכע חלקים [ווי די צאהלען 3, 5, 7 א. ז. וו.]; ניט אמת, ניט עהרליך, אונגערעכט.

une′venly *adv.* (אנ-אי′וון-לי) אויף אן אונגלייכען אופן; ניט גלאט; ניט גראד.

une′venness *n.* (אנ-אי′וון-נעס) אונגלייכקייט; ניט גלאטקייט; אונגלייכמעסיגקייט; אונגראדקייט.

unevent′ful *a.* (אנ-אי-וועגט′-פול) אהן בעדייטענדע פאסירונגען אדער געשעהענישען; שטיל.

unevent′fully *adv.* (אנ-אי-וועגט′-פול-אי) אהן בעדייטענדע פאסירונגען.

unev′ident *a.* (אנ-עוו′-אי-דענט) ניט אפענבאר, ניט אויגענשיינליך, ניט קלאר, ניט דייטליך.

unexag′gerated *a.* (אנ-עג-זעדזש′-ע-ריי-טעד) ניט איבערטריבען.

unexam′inable *a.* (אנ-עג-זעמ′-אי-נעבל) וואס מען קען ניט עקזאמענירען אדער פראבירען; וואס קען ניט עקזאמענירט ווערען.

unexam′ined *a.* (אנ-עג-זעמ′-אינד) ניט עקזאמענירט, ניט געפרופט, ניט פערהערט; ניט אונטערזוכט.

unexam′pled *a.* (אנ-עג-זעמ′פלד) בייספיעללאז, וואס האט ניט קיין גלייכען פאל.

unex′cavated *a.* (אנ-עקס′-קע-וויי-טעד) ניט אויסגעגראבען, ניט אויסגעהוילט.

unexcelled′ *a.* (אנ-עק-סעלד′) ניט איבערטראפען, ניט איבערשטיגען.

unexcep′tionable *a.* (אנ-עק-סעפ′-שאנ-עבל) גענען וואס מען קען גאר ניט איינווענדען, וואס קען ניט געטאדעלט ווערען; פעהלערלאז; אויסגעצייכענט.

unexcep′tionableness *n.* (אנ-עק-סעפ′-שאנ-עבל-נעס) דאס ניט זיין וואס איינצואווענדען; טאדעללאזיגקייט, פעהלערלאזיגקייט; אויסגעצייכענטקייט.

unexcep′tionably *adv.* (אנ-עק-סעפ′-שאנ-ע-בלי) ניט צום טאדלען, ניט איינצואווענדען; פעהלערלאז, אויסגעצייכענט.

unexcep′tional *a.* (אנ-עק-סעפ′-שאנ-על) אהן אן אויסנאהמע.

unexcep′tionally *adv.* (אנ-עק-סעפ′-שאנ-על-אי) אהן אן אויסנאהמע, גאר נישט אויסשליסענדיג; אין גאנצען.

unexcep′tive *a.* (אנ-עק-סעפ′-טיוו) וואס מאכט ניט קיין אויסנאהמע.

unexchanged′ *a.* (אנ-עקס-טשיינדזשד′) ניט אויסגעביטען, ניט אויסגעטוישט, ניט אויסגעוועקסעלט.

unexcised′ *a.* (אנ-עק-סאיזד′) וואס האט אויף זיך ניט קיין אקציז, אויף וואס מען דארף ניט צאהלען קיין אקציז.

unexci′ted *a.* (אנ-עק-סאי′-טעד) ניט אויפגערעגט.

unexci′ting *a.* (אנ-עק-סאי′-טינג) ניט אויפרעגענד.

unexclu′ded *a.* (אנ-עקס-קלוה′-דעד) ניט אויסגעשלאסען.

unexclu′sive *a.* (אנ-עקס-קלוה′-סיוו) ניט אויסשליסענד; ניט אויסשליסליך; אלגעמיין.

unexclu′sively *adv.* (אנ-עקס-קלוה′-סיוו-לי) ניט אויסשליסענדיג קיין זאך, אהן אויסנאהמע.

unexcommu′nicated *a.* (אנ-עקס-קא-מיו′-ני-קיי-טעד) ניט אויסגעשלאסען פון דער קירך, ניט אריינגעלעגט אין חרם; ניט אויסגעשלאסען פון א פעראיין.

unexcu′sable *a.* (אנ-עקס-קיו′-זעבל) וואס מען קען ניט ענטשולדיגען אדער פערציהען.

unexcused′ *a.* (אנ-עקס-קיוזד′) ניט ענטשולדיגט, ניט פערציהט.

unex′ecuted *a.* (אנ-עק′-סי-קיו-טעד) ניט אויסגעפיהרט, ניט געמאכט; ניט פערוואלטעט; ניט היינגעריכטעט, ניט געטויטעט.

unexem′plified *a.* (אנ-עג-זעמ′-פלי-פאיד) אהן ביישפיעלען, ניט ערקלערט דורך ביישפיעלען.

unexempt′ *a.* (אנ-עג-זעמט′) ניט פריי, ניט אויסגענומען דורך א פריווילעגיע.

unexer′ted *a.* (אנ-עג-זויר′-טעד) ניט אנגעשטרענגט, ניט אנגעווענדעט, ניט געזעצט אין טהעטיגקייט; אונטהעטיג.

unexhaust′ed *a.* (אנ-עג-זאהסט′-עד) ניט אויסגעשעפט, ניט אויסגעצעהרט, ניט אויסגעמאטערט.

unexhaust′ible *a.* (אנ-עג-זאהסט′-איבל) ז. ***inexhaustible***

unexhib′ited *a.* (אנ-עג-זיב′-אי-טעד) ניט אויסגעשטעלט, ניט ארויסגעצייגט; ניט אויפגעוויזען, ניט פארגעלעגט [צום פערהאנדלען].

unexis′tent *a.* (אנ-עג-זיס′-טענט) ניט עקזיסטירענד, ניט פערהאנדען.

unexpan′ded *a.* (אנ-עקס-פענ′-דעד) ניט אויסגעצויגען, ניט אויסגעשפרייט; ניט אויסגעברייטעט.

unexpec′tant *a.* (אנ-עקס-פעק′-טענט) ניט ערווארטענד, ניט ארויסקוקענד אויף עפעס.

unexpec′tedly *adv.* (אנ-עקס-פעק′-טעד-לי) אויף אן אונערווארטעטען שטייגער.

unexpec′tedness *n.* (אנ-עקס-פעק′-טעד-נעס) אונערווארטעטקייט.

unexpe′dient *a.* (אנ-עקס-פי′-די-ענט) ז. ***inexpedient***

unexpen′ded *a.* (אנ-עקס-פענ′-דעד) ניט אויסגעגעבען, ניט פערווענדעט אויף עפעס.

unexpen′sive *a.* (אנ-עקס-פענ′-סיוו) ז. ***inexpensive***

unexpe′rienced *a.* (אנ-עקס-פי′-רי-ענסט) ניט ערפאהרען, ניט געניט; ניט אויסגעפרובירט.

unexperimen′tal *a.* (אנ-עקס-פער-אי-מענ′-טעל) ניט בעגרינדעט דורך עקספערימענטען אדער וויסענשאפטליכע פראבען, ניט עקספערימענטאל.

unexpert′ *a.* (אנ-עקס-פוירט′) וואס איז ניט קיין עקספערט; ניט אויטאריטעטיש, ניט ערפאהרען; אונוויסענד.

unexpert′ly *adv.* (אנ-עקס-פוירט′-לי) ניט מעשה עקספערט; ניט ווי א קענער פון דער זאך.

unexpert′ness *n.* (אנ-עקס-פוירט′-נעס) ז. ***inexpertness***

unexpired′ *a.* (אנ-עקס-פאירד′) ניט אויסגעאטהעמט; ניט אבגעשטארבען.

unexplai′nable *a.* (אנ-עקס-פליי′-נעבל) אונערקלערבאר, וואס קען ניט ערקלערט ווערען.

unexplained′ *a.* (אנ-עקס-פליינד′) ניט ערקלערט.

unex'plicable *a.* (אנ-עקס-פלי-קעבל) ז. *inexplicable*

unexplo'ded *a.* (אנ-עקס-פלאו'-דעד) ניט עקספלאדירט, ניט אויפגעריסען.

unexploi'ted *a.* (אנ-עקס-פלאי'-טעד) ניט פאלשטענדיג אויסגענוצט; ניט קולטיווירט, ניט בעארבייט; ניט עקספלואטירט.

unexplored' *a.* (אנ-עקס-פלאורד') אונערפארשט; ניט אונטערזוכט; ניט אויסגעפארשט.

unexplo'sive *a.* (אנ-עקס-פלאו'-סיוו) ניט עקספלאדירענד; וואס קען ניט אויפגעריסען ווערען.

unexpor'ted *a.* (אנ-עקס-פאור'-טעד) ניט עקספארטירט; וואס איז ניט ארויסגעפיהרט געווארען אין אן אנדער לאנד.

unexposed' *a.* (אנ-עקס-פאוזד') ניט אפען ארויסגעשטעלט; געהיים, בעהאלטען. ז. *expose*

unexpoun'ded *a.* (אנ-עקס-פאונ'-דעד) ניט ערקלערט.

unexpressed' *a.* (אנ-עקס-פרעסט') ניט אויסגעדריקט, ניט ארויסגעזאגט.

unexpress'ible *a.* (אנ-עקס-פרעס'-איבל) ז. *inexpressible*

unexpress'ibly *adv.* (אנ-עקס-פרעס'-אי-בלי) ז. *inexpressibly*

unexpress'ive *a.* (אנ-עקס-פרעס-איוו) ניט אויסדריקליך; וואס האט ניט קיין אויסדרוק.

unexpress'ively *adv.* (אנ-עקס-פרעס'-איוו-לי) ניט אויסדריקענדיג, אהן אויסדרוק.

unexpunged' *a.* (אנ-עקס-פאנדזשד') ניט אויסגעמעקט, ניט אויסגעשטרייכט; ניט פערווישט, ניט פערטיליגט.

unexpur'gated *a.* (אנ-עקס-פויר'-גיי-טעד) ניט אויסגערייניגט. ז. *expurgate*

unexten'ded *a.* (אנ-עקס-טענ'-דעד) ניט אויסגעדעהנט, ניט אויסגעשטרעקט, ניט אויסגעברייטעט, ניט אויסגעצויגען; וואס פערנעהמט ניט קיין רוים.

unexter'minated *a.* (אנ-עקס-טויר'-מי-ניי-טעד) ניט אויסגעראטעט, ניט פערניכטעט, ניט פערטיליגט; ניט פערטריבען, ניט פעריאגט.

unextinct' *a.* (אנ-עקס-טינקט') ניט אויסגעלאשען, ניט אויסגעשטארבען; ניט אבגעשאפט.

unextin'guishable *a.* (אנ-עקס-טינ'-גהוויש-עבל) ז. *inextinguishable*

unextin'guishably *adv.* (אנ-עקס-טינ'-גהוויש-ע-בלי) ז. *inextinguishably*

unextin'guished *a.* (אנ-עקס-טינ'-גהווישט) ניט אויסגעלאשען; ניט אבגעשאפט.

unextir'pated *a.* (אנ-עקס-טויר'-פיי-טעד) ניט אויסגעראטעט, ניט פערטיליגט.

unextolled' *a.* (אנ-עקס-טאולד') ניט געריהמט, ניט געלויבט.

unextor'ted *a.* (אנ-עקס-טאהר'-טעד) ניט ארויסגעפרעסט; ניט ארויסגעצוואונגען.

unextrac'ted *a.* (אנ-עקס-טרעק'-טעד) ניט ארויסגעצויגען, ניט ארויסגעקראצט.

unex'tricable *a.* (אנ-עקס'-טרי-קעבל) ז. *inextricable*

unfa'bled *a.* (אנ-פיי'בלד) ניט פאבעלהאפט, ניט אויסגעטראכט, אמת, וואהר; ניט פערקערפערט אדער פארגעשטעלט אין א פאבעל.

unface' *v.* (אנ-פייס') אראבנעהמען דעם צודעק אדער שלייער; אויפדעקען.

unfa'dable *a.* (אנ-פיי'-דעבל) וואס קען ניט פערוועלקט אדער פערוויאנעט ווערען; וואס קען ניט אונטערגעהן אדער פערניכטעט ווערען.

unfa'ded *a.* (אנ-פיי'-דעד) ניט פערוועלקט, ניט פערוויאנעט.

unfa'ding *a.* (אנ-פיי'-דינג) ניט וועלקענד, וואס וויאנעט ניט; וואס פערלירט ניט די פרישקייט אדער דעם קאליר.

unfa'dingly *adv.* (אנ-פיי'-דינג-לי) ניט וועלקענדיג, ניט וויאנענדיג; אויף אן אופן וואס קען ניט אונטערגעהן אדער פערניכטעט ווערען.

unfa'dingness *n.* (אנ-פיי'-דינג-נעס) דאס ניט קענען פערוועלקט אדער פערוויאנעט ווערען.

unfai'ling *a.* (אנ-פיי'-לינג) אונפעהלבאר, זיכער, געוויס; וואס קען ניט אויסגענומען אדער אויסגעטריקענט ווערען.

nfai'lingly *adv.* (אנ-פיי'-לינג-לי) אונפעהלבאר; אויף א זיכערען, געוויסען אופן.

unfai'lingness *n.* (אנ-פיי'-לינג-נעס) דאס זיין אונפעהלבאר; דאס זיין געוויס אדער זיכער.

unfain'ting *a.* (אנ-פיינ'-טינג) ניט פאלענדיג אין אונמאכט אדער חלשות; וואס ווערט ניט שוואך אדער מוטלאז.

unfair' *a.* (אנ-פעהר') ניט שעהן, ניט פאסענד; ניט ריכטיג, ניט עהרליך, אונארענטליך.

unfair'ly *adv.* (אנ-פעהר'-לי) אויף א ניט-שעהנעם, ניט פאסענדען אדער אונארענטליכען שטייגער.

unfair'ness *n.* (אנ-פעהר'-נעס) אונעהרליכקייט, אונארענטליכקייט; אונפאסיגקייט.

unfaith' *n.* (אנ-פייטה') אונגלויבען, אונטרייהייט, אונעהרליכקייט.

unfaith'ful *a.* (אנ-פייטה'-פול) אונטריי, טריילאז, פאלש; אהן אמונה, אהן גלויבען; אהן נאמנות; ניט גלויבענסווערטה.

unfaith'fully *adv.* (אנ-פייטה'-פול-אי) זייענדיג ניט געטריי; מיט אונטרייהייט; אהן איבערגעבענהייט; אויף אן אונגלויבענסווירדיגען שטייגער.

unfaith'fulness *n.* (אנ-פייטה'-פול-נעס) אונטרייהייט, טריילאזיגקייט, פאלשקייט.

unfal'cated *a.* (אנ-פעל'-קיי-טעד) ניט אויסגעבויגען ווי א סערפ.

unfall'en *a.* (אנ-פאהל'ן) ניט געפאלען, ניט געזונקען, ניט רואינירט.

unfal'lowed *a.* (אנ-פעל'-אוד) ניט אויפגעאקערט.

unfal'sified *a.* (אנ-פאהל'-סי-פאיד) אונגעפעלשט; ניט נאכגעמאכט.

unfal'tering *a.* (אנ-פאהל'-טער-אינג) ניט שוואנקענד, ניט וואקעלדיג, פעסט, שטאנדהאפט; ניט שטאמלענדיג, מיט א פעסטער, זיכערער שטימע.

unfal'teringly *adv.* (אנ-פאהל'-טער-אינג-לי) אויף אן אונשוואנקענדען, אונוואקלענדען שטייגער; מיט פעסטקייט, מיט שטאנדהאפטיגקייט.

unfamed' *a.* (אנ-פיימד') אהן רוהם, ניט בעריהמט; ניט האבענדיג קיין בכבוד'ען נאמען.

unfamil'iar *a.* (אנ-פע-מיל'-יאר) ניט פאמיליאר, ניט בעקאנט, ניט אינטים, ניט צוגעוועהנט.

unfamiliar'ity *n.* (אנ-פע-מיל-אי-ער'-אי-טי) אונפאמיליאריטעט, דאס זיין ניט פאמיליאר, דאס זיין ניט בעקאנט אדער צוגעוועהנט.

unfamil'iarly *adv.* (אנ-פע-מיל'-יאר-לי) אויף אן אונפאמיליארען אדער אונאינטימען שטייגער.

unfash'ionable *a.* (אנ-פעש'-אנ-עבל) ניט מאדיש, ניט פראנטיש, ניט אריסטאקראטיש.

unfash'ionableness *n.* (אנ-פעש'-אנ-עבל-נעס) דאס זיין ניט מאדיש, ניט פראנטיש אדער ניט אריסטאקראטיש.

unfash'ionably *adv.* (אנ-פעש'-אנ-ע-בלי) ניט מאדיש; ניט לויט דער מאדע; ניט מעשה אריסטאקראט.

unfash'ioned *a.* (אנ-פעש'-אנד) ניט געפארמט, ניט אויסגעגאסען אין א בעשטימטער פארם; אהן א פארם אדער פאסאן.

unfast' *a.* (אנ-פעסט') ניט פעסט, אונזיכער.

unfas'ten *v.* (אנ-פעס'ן) לויז מאכען, אבבינדען, בעפרייען פון א פערבינדונג; זיין ניט פערבונדען.

unfas'tener *n.* (אנ-פעס'-נער) איינער אדער עפעס וואס בינדעט פאנאנדער אדער מאכט לויז.

unfa'thered *a.* (אנ-פא'-טהערד) אהן א פאטער, פאטערלאז; וואס איז געבארען געווארען ניט אויף א נאטירליכען אופן; וואס האט ניט קיין געזעצליך-אנערקענטען פאטער.

unfa'therly *adv.* (אנ-פא'-טהער-לי) ניט ווי א פאטער; אויף אן אופן וואס פאסט ניט פאר א פאטער.

unfath'omable *a.* (אנ-פעטה'-אם-עבל) אונערמעסליך, וואס קען ניט אויסגעמאסטען ווערען; וואס קען ניט דערגרונטעוועט ווערען; זעהר טיעף; וואס קען ניט ארומגענומען ווערען מיט'ן געדאנק; וואס קען ניט דערפארשט ווערען.

unfath'omableness *n.* (אנ-פעטה'-אם-עבל-נעס) דאס ניט קענען דערגרונטעוועט ווערען; דאס זיין טיעף אהן א גרונט.

unfath'omably *adv.* (אנ-פעטה'-אם-ע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט דערגרונטעוועט ווערען; אונגעהויער טיעף.

unfath'omed *a.* (אנ-פעטה'-אמד) ניט דערגרונטעוועט, ניט צו דערגעהן ביז'ן גרונט; אונגעהויער טיעף.

unfati'gueable *a.* (אנ-פע-טי'-געבל) אונערמידליך, וואס ווערט ניט מיעד.

unfat'ten *v.* (אנ-פעט'ן) מאגער מאכען, אויסמאגערען.

unfaul'ty *a.* (אנ-פאהל'-טי) אונפעהלערהאפט, אהן פעהלערען, אהן חסרונות.

unfa'vorable *a.* (אנ-פיי'-ווער-עבל) אונגינסטיג, ניט פריינדליך, ניט גנעדיג; ענטמוטיגענד.

unfa'vorableness *n.* (אנ-פיי'-ווער-עבל-נעס) אונגינסטיגקייט; אונפריינדליכקייט.

unfa'vorably *adv.* (אנ-פיי'-ווער-ע-בלי) אויף אן אונגינסטיגען אדער אונפריינדליכען שטייגער.

unfa'vourable *a.* (אנ-פיי'-ווער-עבל) ז. *unfavorable*

unfa'vourableness *n.* (אנ-פיי'-ווער-עבל-נעס) ז. *unfavorableness*

unfa'vourably *adv.* (אנ-פיי'-ווער-ע-בלי) ז. *unfavorably*

unfeared' *a.* (אנ-פיערד') ניט פירכטערליך, וואס ווארפט ניט אן קיין שרעק.

unfear'ful *a.* (אנ-פיער'-פול) ניט שרעקעדיג, מוטיג; בראוו.

unfear'fully *adv.* (אנ-פיער'-פול-אי) אהן שרעק; בראוו, מיט קוראזש.

unfea'sible *a.* (אנ-פיע'-זיבל) אונאויספיהרליך, וואס קען ניט געטהאן אדער אויסגעפיהרט ווערען.

unfeath'er *v.* (אנ-פעטה'-ער) אויספליקען די פעדערען.

unfeath'ered *a.* (אנ-פעטה'-ערד) וואס האט ניט קיין פעדערען, אהן פעדערען.

unfea'tured *a.* (אנ-פיע'-טשורד) ניט געשטאלטעט, ניט פארמירט; וואס האט ניט קיין בעשטימטען אויסזעהן אדער כאראקטער.

unfed' *a.* (אנ-פעד') ניט געפיטערט, ניט ערנעהרט, ניט אנגעקארמעט, ניט בעזארגט מיט נאהרונג.

unfeed' *a.* (אנ-פיעד') אונבעלוינט, ניט בעצאהלט; פאר וואס עס איז ניט בעקומען געווארען קיין געצאהלט.

unfee'ling *a.* (אנ-פיע'-לינג) ניט פיהלענד, געפיהללאז, אהן געפיהל; גרויזאם, הארטהערציג.

unfee'lingly *adv.* (אנ-פיע'-לינג-לי) ניט פיהלענדיג, ניט האבענדיג קיין מיטגעפיהל; גרויזאם, אכזריות'דיג, הארטהערציג.

unfee'lingness *n.* (אנ-פיע'-לינג-נעס) געפיהללאזיגקייט, הארטהערציגקייט; גרויזאקייט.

unfeigned' *a.* (אנ-פיינד') ניט געמאכט, ניט אויף צו כלומר'שט, ניט פערשטעלט; ניט היפאקריטיש, אויפריכטיג: ווירקליך, ערנסט.

unfeig'nedly *adv.* (אנ-פיי'-נעד-לי) ניט פערשטעלטערהייד, ניט אויף צו כלומר'שט; אויף א ווירקליכען אדער אויפריכטיגען אופן.

unfeig'nedness *n.* (אנ-פיי'-נעד-נעס) דאס זיין ניט אויף צו כלומר'שט; ריכטיגקייט, אויפריכטיגקייט, ערנסטקייט, אפענהערציגקייט.

unfeig'ning *a.* (אנ-פיי'-נינג) ניט פערשטעלט, ניט אבנארענד, ריכטיג.

unfel'lowed *a.* (אנ-פעל'-אוד) אהן א חבר; וואס האט ניט קיין גלייכען צו זיך.

unfelt' *a.* (אנ-פעלט') ניט געפיהלט; אונבעמערקט.

unfem'inine *a.* (אנ-פעמ'-אי-נין) ניט ווייבליך, ניט ווייבעריש.

unfence' *v.* (אנ-פענס') צונעהמען דעם פארקאן אדער דעם צאם; אוועקנעהמען די בעשיצונג פון עפעס.

unfenced' *a.* (אנ-פענסט') ניט ארומגעצאמט; ניט בעשיצט.

unfermen'table *a.* (אנ-פויר-מענ'-טעבל) ניט פעהיג צו געהרען אדער איהרען.

unfermen'ted *a.* (אנ-פויר-מענ'-טעד) ניט געאיהרט; ניט געזייערט [וועגען ברויט], ניט געמאכט אויף הייוועז.

unfer'tile *a.* (אנ-פויר'-טיל) אונפרוכטבאר.

unfer'tileness *a.* (אנ-פויר'-טיל-נעס) אונפרוכטבארקייט.

unfer'tilised *a.* (אנ-פויר'-טיל-איזד) ז. *unfertilized*

unfertil'ity *n.* (אנ-פויר-טיל'-אי-טי) ז. *unfertileness*

unfer'tilized *a.* (אנ-פויר'-טיל-איזד) ניט בעפרוכטעט [וועגען חיות און פלאנצען]; ניט געמאכט פרוכטבאר [וועגען לאנד].

unfet'ter *v.* (אנ-פעט'-ער) אראבנעהמען די קייטען, בעפרייען פון קייטען, בעפרייען.

unfet'tered *a.* (אנ-פעט'-ערד) בעפרייט פון די קייטען; בעפרייט.

unfeu'dalize *v.* (אנ-פיו'-דעל-איז) בעפרייען פון פעאדאליזם אדער לעהנסהערשאפט. ז. *feudalism*

unfig'ured *a.* (אנ-פיג'-יורד) וואס שטעלט ניט פאר קיין פיגור אדער פארם פון א חיה אדער פלאנצע; וואס האט אויף זיך ניט קיינע פיגורען [ווי גלאט געוועבטעס צייג]; בוכשטעבליך, ניט בלשון מליצה.

unfile' *v.* (אנ-פאיל') ארויסנעהמען פון א קאלעקציאן דאקומענטען.

unfiled' *a.* (אנ-פאילד') ניט אבגעפיילט, ניט פאלירט מיט א פייל.

unfil'ial *a.* (אנ-פיל'-יעל) ניט ווי א קינד; וואס האלט זיך ניט אין דער בעציהונג ווי קינדער צו עלטערען.

unfil'ially *adv.* (אנ-פיל'-יעל-אי) ניט מעשה קינד; ניט אויף אן אופן ווי א קינד בעציהט זיך צו עלטערען.

unfilled' *a.* (אנ-פילד') ניט נעפילט; לעער; לעדיג, ניט בעזעצט, ניט פערנומען.

unfil'leted *a.* (אנ-פיל'-עט-עד) ניט פערבונדען מיט א באנד אדער לענטע [וועגען די האר].

unfil'tered *a.* (אנ-פיל'-טערד) ניט פילטרירט, ניט דורכגעזייט.

unfin'dable *a.* (אנ-פאינ'-דעבל) וואס מען קען ניט געפינען.

unfin'ishable *a.* (אנ-פינ'-איש-עבל) וואס קען ניט פערענדיגט ווערען.

unfin'ished *a.* (אנ-פינ'-אישט) אונבעענדיגט, ניט פאלענדעט; ניט קאמפלעט, ניט פאלקאם.

unfin'ishing *n.* (אנ-פינ'-איש-אינג) דאס ניט פערענדיגען; דאס ניט ברייננען צו א סוף; דאס פערבלייבען ניט פערענדיגט, אונפערענדיגטקייט.

unfirm' *a.* (אנ-פוירם') ניט פעסט, ניט שטאנדהאפט; ניט שטארק; שוואך.

unfit' *a. and v.* (אנ-פיט') אונטויגליך, אונפעהיג; אונפאסענד, ניט געהעריג; מאכען אונפעהיג אדער אונפאסענד צו עפעס.

unfit'ly *adv.* (אנ-פיט'-לי) אויף אן אונפעהיגען אדער אונפאסענדען שטיינער.

unfit'ness *n.* (אנ-פיט'-נעס) אונפעהיגקייט; אונטויגליכקייט; אונפאסיגקייט, אונצוגעפאסטקייט.

unfit'ted *a.* (אנ-פיט'-עד) ניט צוגעפאסט, ניט פעהיג צו עפעס.

unfit'ting *a.* (אנ-פיט'-אינג) אונפאסענד; אונטויגליך.

unfit'tingly *adv.* (אנ-פיט'-אינג-לי) ניט פאסענדיג; ניט טויגענדיג.

unfix' *v.* (אנ-פיקס') לויז מאכען, אבבינדען; פאנאנדערבינדען, פאנאנדערלאזען.

unfixed' *a.* (אנ-פיקסט') אונבעפעסטיגט; אונבעשטענדיג, ניט פעסט, ניט ענטשלאסען; ניט בעשטימט, ניט פעסטגעשטעלט.

unfix'edness *n.* (אנ-פיק'-סעד-נעס) ניט־פעסטקייט, אונבעשטענדיגקייט; דאס זיין ניט פעסטגעשטעלט.

unflag'ging *a.* (אנ-פלעג'-אינג) ניט אבגעשוואכט, ניט צוקראכען; אונטערגעהאלטען, אנגעהאלטען, שטייף.

unfla'ted *a.* (אנ-פליי'-טעד) ניט אנגעבלאזען.

unflat'tered *a.* (אנ-פלעט'-ערד) אונגעשמייכעלט, וועמען מען האט ניט גע'חנפ'ט.

unflat'tering *a.* (אנ-פלעט'-ער-אינג) ניט שמייכלענד; ניט שמייכלעריש, ניט שמייכעלהאפט, ניט חניפה'דיג.

unflat'teringly *adv.* (אנ-פלעט'-ער-אינג-לי) אהן חניפות.

unfleged' *a.* (אנ-פלעדזשד') וואס איז נאך ניט בעוואקסען מיט פעדערען; ניט געננוג ענטוויקעלט; אונערפאהרען, רויה, אונגרייף.

unfleshed' *a.* (אנ-פלעשט') ניט צוגעוועהנט צו פלייש אדער בלוט; ניט געלערענט, ניט אויסגעפרובירט [ווי א הונד צו יאגד].

unflesh'ly *a.* (אנ-פלעש'-לי) ניט פון פלייש, ניט קיין בשר ודם, ניט קערפערליך, גייסטיג, ספּירּיטועל.

unflex'ible *a.* (אנ-פלעק'-סיבל) ז. *inflexible*

unflin'ching *a.* (אנ-פלינ'-טשינג) וואס ציהט זיך ניט צוריק אויס מורא; אונערשראקען.

unflin'chingly *adv.* (אנ-פלינ'-טשינג-לי) ניט אבשרעקענדיג זיך.

unflogged' *a.* (אנ-פלאגד') ניט געשמיסען.

unflu'ent *a.* (אנ-פלוה'-ענט) ניט פליסענד, ניט געלויפיג אין רעדען אדער שרייבען; מיט א שווערער שפראך אדער אויסדרוק.

unflush' *v.* (אנ-פלאש') אנווערען די רויטקייט אדער פרישקייט פון קאליר.

unfoiled' *a.* (אנ-פאילד') ניט ביינעקומען, ניט בעזיעגט, ניט צושלאגען; ניט צושטערט, ניט צו נישט געמאכט.

unfold' *v.* (אנ-פאולד') פאנאנדערנעהמען די פאלדען אדער קנייטשען, פאנאנדערציהען, אויסברייטען; ארויסשטעלען, ארויסווייזען; זיין פאנאנדערגעעפענט, זיין פאנאנדערגעשפרייט; זיך ענטוויקלען; ארויסלאזען פון אן ארומצאמונג אדער שטאל [ווי שעפסען].

unfol'der *n.* (אנ-פאול'-דער) איינער אדער עפעס וואס וויקעלט פאנאנדער אדער דעקט אויף.

unfol'ding *n.* (אנ-פאול'-דינג) פאנאנדערוויקלונג, פאנאנדערשפרייטונג; ענטוויקלונג; אויפדעקונג.

unfo'liated *a.* (אנ-פאו'-לי-איי-טעד) ניט בלעטערדיג, וואס איז ניט אויסגעלעגט אין. דינע שיכטען.

unfol'lowed *a.* (אנ-פאל'-אוד) ניט נאכגעפאלגט פון קיינעם; וואס האט ניט קיין נאכפאלגער.

unfool' *v.* (אנ-פוהל') מאכען אויס נאר; בעפריעדיגען איינעם פאר רופען איהם נאר.

unfoot'ed *a.* (אנ-פוט'-עד) אויף וואס עס האט ניט געטראטען קיין מענשליכער פוס; וואס איז קיינמאל ניט בעזוכט געווארען פון מענשען.

unforbear'ing *a.* (אנ-פאר-בעהר'-אינג) וואס קען ניט אריבערטראגען; וואס איז ניט נעניינט אריבערצוטראגען.

unforbid' *a.* (אנ-פאר-ביד') ז. *unforbidden*

unforbid'den *a.* (אנ-פאר-ביד'ן) אונפערבאטען.

unforbid'denness *n.* (אנ-פאר-ביד'נ-נעס) דאס זיין ניט פערבאטען.

unforced' *a.* (אנ-פאורסט) ניט געצוואונגען; ניט ארויסגערופען דורך אנשטרענגונג; נאטירליך.

unfor'cedly *adv.* (אנ-פאור'-סעד-לי) ניט געצוואונגענערהייד.

unfor'cible *a.* (אנ-פאור'-סיבל) ניט קרעפטיג, ניט ווירקזאם.

unfor'dable *a.* (אנ-פאור'-דעבל) וואס מען קען ניט אריבערגעהן צו פוס [ווענען א וואסער]; זעהר טיעף.

unforebo'ding *a.* (אנ-פאור-באו'-דינג) וואס זאגט ניט פארויס, וואס דיענט ניט אלס פראפעצייאונג אדער סמן פון עטוואס וואס דארף קומען [הויפטזעכליך פון שלעכטס].

unforeknow'able *a.* (אנ-פאור-נאו'-עבל) וואס מען קען ניט וויסען פון פריהער.

unforeknown' *a.* (אנ-פאור-נאנ') ניט פארויס בעקאנט, ניט געוואוסט פון פריהער, ניט פארויסגעזעהן.

unforesee' *v.* (אנ-פאור-סיע') ניט פאראויסזעהן.

unforesee'able *a.* (אנ-פאור-סיע'-עבל) וואס מען קען ניט פארויסזעהן.

unforesee'ing *a.* (אנ-פאור-סיע'-אינג) ניט פארויסזעהענד; וואס זעהט ניט וואס שפעטער וועט זיין.

unforeseen' *a.* (אנ-פאור-סיען') ניט פארויסגעזעהן.

unfore'skinned *a.* (אנ-פאור'-סקינד) אהן אן ערלה, גע'מל'ט.

unforetold' *a.* (אנ-פאור-טאולד') ניט פארויסגעזאגט.

unforewarned' *a.* (אנ-פאור-הוואהרנד') ניט געווארענט אדער מתרה געווען פון פריהער.

unfor'feited *a.* (אנ-פאר'-פיט-עד) ניט פערלארען, ניט פערפאלען. ז. *forfeit*

unforged' *a.* (אנ-פאורדזשד') ניט אויסגעשמיעדט, ניט געמאכט.

unforget'able *a.* (אנ-פאר-געט'-עבל) וואס קען ניט פערגעסען ווערען.

unforget'ful *a.* (אנ-פאר-געט'-פול) ניט פערגעסענד; וואס נעדענקט, וואס האלט אין זכרון.

unforgiv'able *a.* (אנ-פאר-גיוו'-עבל) וואס קען ניט פערגעבען ווערען; אויך וואס מען קען ניט מוחל זיין, אונפערצייהליך.

unforgiv'en *a.* (אנ-פאר-גיוו'ן) ניט פערצייהט, ניט פערגעבען.

unforgiv'er *n.* (אנ-פאר-גיוו'-ער) איינער וואס איז ניט מוחל, א נוקם ונוטר.

unforgiv'ing *a.* (אנ-פאר-גיוו'-אינג) ניט פערגעבענד; וואס וויל ניט פערצייהען, וואס וויל ניט מוחל זיין.

unforgot' *a.* (אנ-פאר-גאט') ז. *unforgotten*

unforgot'ten *a.* (אנ-פאר-גאט'ן) אונפערגעסען; ניט ארויס פון זכרון.

unform' *v.* (אנ-פאהרם') פערניכטען, צושטערען, מאכען א תל.

unfor'mal *a.* (אנ-פאהר'-מעל) ז. *informal*

unfor'malized *a.* (אנ-פאהר'-מעל-איזד) ניט געמאכט פארמאליסטיש אדער צערעמאניעל.

unformed' *a.* (אנ-פאהרמד') ניט געפארמט, ניט געבילדעט, ניט אויסגעגאסען אין א געוויסער פארם אדער געשטאלט.

unfor'mulated *a.* (אנ-פאהר'-מיו-ליי-טעד) ניט פארמולירט, ניט אויסגעדריקט אין א בעשטימטער פארמולע אדער זאץ.

unforsa'ken *a.* (אנ-פאהר-סיי'קן) ניט פערלאזען, ניט אויפגעגעבען.

unfor'tified *a.* (אנ-פאהר'-טי-פאיד) ניט בעפעסטיגט.

unfor'tunate *a.* and *n.* (אנ-פאהר'-טשו-נייט) אונגליקליך, שלים-מזל'דיג, אהן הצלחה; איינער וואס איז אריינגעפאלען אין א צרה, אן אונגליקליכער מענש.

unfor'tunately *adv.* (אנ-פאהר'-טשו-נייט-לי) אונגליקליכערווייזע.

unfos'silized *a.* (אנ-פאס'-איל-איזד) ניט פערשטיינערט.

unfos'tered *a.* (אנ-פאס'-טערד) ניט גענעהרט; ניט נעהאדעוועט; ניט בעשיצט, ניט געשטיצט, ניט בעגינסטיגט.

unfought' *a.* (אנ-פאהט') ניט געפאכטען, ניט געקעמפפט.

unfouled' *a.* (אנ-פאולד') ניט בעפלעקט, ניט פעראונרייניגט; ריין.

unfound' *a.* (אנ-פאונד') ניט געפונען.

unfoun'ded *a.* (אנ-פאונ'-דעד) ניט געגרינדעט; אונבעגרינדעט.

unfra'grant *a.* (אנ-פריי'-גרענט) וואס האט ניט קיין געשמאקען ריח; ניט שמעקעדיג.

unframed' *a.* (אנ-פריימד') ניט איינגעראהמט, ניט איינגעפאסט אין א ראהם; ניט געפארמט, ניט געבילדעט, ניט נעבויט.

unfran'chised *a.* (אנ-פרענ'-טשאיזד) ניט בעפרייט; אהן וואהל-רעכט.

unfran'gible *a.* (אנ-פרענ'-דזשיבל) ניט צוברעכליך, וואס קען ניט צובראכען ווערען.

unfrater'nal *a.* (אנ-פרע-טויר'-נעל) ניט ברידערליך.

unfraught' *a.* (אנ-פראהט') ניט בעלאדען, ניט אנגעלאדען; אויסגעלאדען.

unfree' *a.* (אנ-פריע') ניט פריי; ניט אפען, ניט אפענהערציג; ניט פרייגעביג, ניט פרייוויליג, ניט גוטוויליג; ניט צולאזען.

unfreed' *a.* (אנ-פריעד') ניט בעפרייט.

unfreigh'ted *a.* (אנ-פריי'-טעד) ניט אנגעלאדען; ניט געדונגען [ווענען א שיף אדער וואגען צו טראנספארטירען סחורות].

unfre'quency *n.* (אנ-פרי'-קהווענ-סי) ז. *infrequency*

unfre'quent *a.* (אנ-פרי'-קהווענט) ז. *infrequent*

unfrequen'ted *a.* (אנ-פרי-קהווענ'-טעד) ניט בעזוכט, איינזאם.

unfre'quently *adv.* (אנ-פרי'-קהווענט-לי) ז. *infrequently*

unfrien'ded *a.* (אנ-פרענ'-דעד) אהן פריינד, פריינדלאז; אהן שטיצע.

unfriend'liness *n.* (אנ-פרענד'-לי-נעס) אונפריינדליכקייט.

unfriend'ly *a.* and *adv.* (אנ-פרענד'-לי) אונפריינדליך, ניט פריינדשאפטליך; אונגינסטיג; אויך אן אונפריינדליכען אופן, ניט ווי א פריינד.

unfriend'ship *n.* (אנ-פרענד'-שיפ) אונפריינדליכקייט.

unfrigh'ted *a.* (אנ-פראי'-טעד) ניט דערשראקען.

unfright'ful *a.* (אנ-פראיט'-פול) ניט שרעקליך, ניט פורכטבאר; ניט אבשטויסענד.

unfrock' *v.* (אנ-פראק') אויסטהאן אדער אראבציהען [א בגד]; אוועקנעהמען די מאנאכען-קליידער, מאכען פאר אויס מאנאך.

unfro'zen *a.* (אנ-פראו'זן) ניט פערפרארען; ניט פערגליווערט פון קעלט.

unfru'gal *a.* (אנ-פרוה'-געל) ניט שפארזאם, פערשווענדעריש, אויסבריינגעריש.

unfruit'ful *a.* (אנ-פרוהט'-פול) אונפרוכטבאר; וואס בריינגט ניט קיין גוטען רעזולטאט.

unfruit'fully *adv.* (אנ-פרוהט'-פול-אי) אויף אן אונפרוכטבארען אופן; מיט פרוכטלאזע רעזולטאטען.

unfruit'fulness *n.* (אנ-פרוהט'-פול-נעס) אונפרוכטבארקייט.

unfu'eled *a.* (אנ-פיו'-עלד) ז. *unfuelled*

unfu'elled *a.* (אנ-פיו'-עלד) ניט בעזארגט מיט הייץ-מאטעריאל.

unfulfilled' *a.* (אנ-פול-פילד') אונערפילט.

unfumed' *a.* (אנ-פיומד') ניט דורכגערויכערט [מיט א שמעקעדיגער זאך].

unfun'ded *a.* (אנ-פאנ'-דעד) וואס ווערט ניט געדעקט דורך דער אבלעגונג פון געוויסע סומען אין בעשטימטע צייטען, נאר די גרויס און די טערמינען פון אבצאהלונגען זיינען ניט בעשטימט [ווענען א חוב. אין געגענזאץ צו *funded debt*].

unfurl' *v.* (אנ-פוירל') אויפוויקלען, אבוויקלען, אויסברייטען, פאנאנדערלאזען; אויפדעקען; ארויסשטעלען, ארויסווייזען.

unfur'nish *v.* (אנ-פויר'-ניש) אויסראמען, אויסלעדיגען; צונעהמען די אויסשטאטונג אדער מעבעל.

unfur'nished *a.* (אנ-פויר'-נישט) ניט אויסמעבלירט; ניט אויסגעריכטעט, ניט אויסגעשטאטעט.

unfur'rowed *a.* (אנ-פאר'-אוד) ניט געראונצעלט, ניט געקנייטשט; גלאט.

unfused' *a.* (אנ-פיוזד') ניט געשמאלצען; אהן א צינד-שנור אדער טרייבעל [ווענען א באמבע אדער גראנאט].

unfu'sible *a.* (אנ-פיו'-זיבל) ז. *infusible*

ungai'nable *a.* (אנ-גיי'-נעבל) וואס מען קען ניט געווינען; וואס קען ניט דערגרייכט ווערען.

ungained' *a.* (אנ-גיינד') נאך ניט געוואונען; ניט דערגרייכט.

ungain'ful *a.* (אנ-גיינ'-פול) ניט איינטרעגליך; וואס בריינגט ניט קיין פראפיט.

ungain'liness *n.* (אנ-גיינ'-לי-נעס) אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט.

ungain'ly *a.* and *adv.* (אנ-גיינ'-לי) אונגעשיקט, אונגעלומפערט; אויך אן אונגעלומפערטען אופן.

ungal'lant *a.* (אנ-געל'-ענט) ניט גאלאנט, ניט העפליך צו פרויען.

ungalled' *a.* (אנ-גאהלד') אונבעשעדיגט, ניט פערוואונדעט.

ungar'ment *v.* (אנ-גאר'-מענט) אויסטהאן, ענטבלויזען, מאכען נאקעט.

ungar'mented *a.* (אנ-גאר'-מענ-טעד) ניט אנגעטהאן, ניט געקליידעט, נאקעט.

ungar'nished *a.* (אנ-גאר'-נישט) ניט בעציערט מיט ארנאמענטען; ניט בעזארגט מיט'ן נויטיגען, ניט אויסגעריכטעט, ניט אויסגעשטאטעט.

ungar'risoned *a.* (אנ-גער'-אי-סאנד) ניט בעזעצט מיט סאלדאטען.

ungar'tered *a.* (אנ-גאר'-טערד) אהן פאדעשקעס, אהן שטרומפּ-בענדער, אהן זאקען-בענדלעך.

ungath'ered *a.* (אנ-געטה'-ערד) ניט צוגויפגענומען, ניט צונויפגעזאמעלט; ניט אבגעקליבען, ניט אויסגעקליבען.

ungear' *v.* (אנ-גיער') אראבנעהמען

דאס שפאן־געשיר [פון א פערד]; בריינגען אין אונארדנונג.

ungen'erated *a.* (אנ-דזשענ'-ע-ריי-טעד) ניט געבארען, ניט בעשאפען; ניט ארויסגעבראכט; ניט געבראכט צו עקזיסטענץ.

ungen'erative *a.* (אנ-דזשענ'-ע-ריי-טיוו) ניט געבעהרענד, ניט בעשאפענד; ניט ארויסברייגגענד.

ungen'erous *a.* (אנ-דזשענ'-ע-ראס) ניט גרויסמוטיג, ניט עדעל; ניט פרייגעביג, קארג; ניט עהרענהאפט, שענדליך, נידריג, געמיין.

ungen'erously *adv.* (אנ-דזשענ'-ע-ראס-לי) אויף א קארגען אופן; אויף א געמיינעם אדער נידריגען שטייגער.

unge'nial *a.* (אנ-דזשי'-ניעל) אונגינסטיג, אונפריינדליך.

ungenteel' *a.* (אנ-דזשענ-טיעל') ניט אנשטענדיג; ניט העפליך, גראב.

ungenteel'ly *adv.* (אנ-דזשענ-טיעל'-לי) אויף אן אונהעפליכער ארט; מיט גראבקייט; ניט אנשטענדיג.

ungen'tle *a.* (אנ-דזשענ'טל) ניט עדעל; אונערצויגען; אונהעפליך; רויה, גראב; פון פראסטער אבשטאמונג, פלעבעאיש.

ungen'tlemanlike *a.* (אנ-דזשענ'טל-מענ-לאיק) ז. *ungentlemanly*

ungen'tlemanliness *n.* (אנ-דזשענ'טל-מענ-לי-נעס) אונערצויגענקייט, אונעדעלקייט, אונפיינקייט, אונהעפליכקייט, גראבקייט.

ungen'tlemanly *a. and adv.* (אנ-דזשענ'טל-מענ-לי) וואס פאסט ניט פאר א דזשענטלמאן; גראב; אונערצויגען; אונהעפליך.

ungen'tleness *n.* (אנ-דזשענ'טל-נעס) אונפריינדליכקייט, ניט־עדעלקייט, גראבקייט; אונהעפליכקייט.

ungent'ly *adv.* (אנ-דזשענט'-לי) אויף אן אונעדעלען אדער ניט צארטען אופן; אויף א בייזען אדער שטרענגען שטייגער; אויף א הארטען אדער גראבען אופן.

ungeomet'rical *a.* (אנ-דזשי-א-מעט'-רי-קעל) ניט געאמעטריש. ז. *geometry*

ungif'ted *a.* (אנ-גיפ'-טעד) ניט בעגאבט, ניט בעשאנקען מיט געוויסע פעהיגקייטען; אהן א מתנה.

ungild' *v.* (אנ-גילד') אראבנעהמען די גילדונג.

ungil'ded *a.* (אנ-גיל'-דעד) ז. *ungilt*

ungilt' *a.* (אנ-גילט') ניט פערגאלדעט, ניט בעגולט.

ungird' *v.* (אנ-גוירד') אויפגארטלען, אבגארטלען.

ungirt' *a.* (אנ-גוירט') אויפגעגארטעלט, אבגעגארטעלט.

unglazed' *a.* (אנ-גלייזד') ניט געגלאזט, אהן שויבען; ניט איבערגעצויגען מיט גלאזור.

ungleaned' *a.* (אנ-גליענד') ניט געזאמעלט; ניט צונויפגעקליבען.

unglo'rified *a.* (אנ-גלאו'-רי-פאיד) ניט געריהמט, ניט געלויבט.

unglo'rify *v.* (אנ-גלאו'-רי-פאי) בערויבען פון רוהם אדער עהרע.

unglove' *v.* (אנ-גלאוו') אראבנעהמען די הענטשקע.

Unglove your hands.

ungloved *a.* (אנ-גלאווד') אהן הענטשקעס, אהן האנדשוה.

unglue' *v.* (אנ-גלוה') אבקלייען; אבטוילען.

unglut'ted *a.* (אנ-גלאט'-ער) ניט אנגעזעטיגט.

ungod'lily *adv.* (אנ-גאד'-לי-לי) אויף א זינדיגען אדער גאטלאזען שטייגער.

ungod'liness *n.* (אנ-גאד'-לי-נעס) גאטלאזיגקייט, זינדיגקייט.

ungod'ly *a.* (אנ-גאד'-לי) ניט פרום, ניט גאטספארכטיג; זינדיג; שלעכט; גאטלאז; שוידערליך, אונגעהויער.

ungored' *a.* (אנ-גאורד') ניט פערוואונדעט, ניט צוקאליעטשעט; ניט פערבלוטיגט.

ungorged' *a.* (אנ-גאהרדזשד') ניט געזעטיגט.

ungot' *a.* (אנ-גאט') ניט געקראגען, ניט ערווארבען, ניט דערגרייכט.

ungot'ten *a.* (אנ-גאט'ן) ניט ערווארבען, ניט געקראגען.

ungov'ernable *a.* (אנ-גאוו'-ער-נעבל) וואס קען ניט רעגיערט ווערען, וואס קען ניט בעהערשט ווערען; וואס קען ניט געצוימט ווערען, וואס קען ניט קאנטראלירט ווערען; ווילד.

ungov'ernableness *n.* (אנ-גאוו'-ער-נעבל-נעס) דאס ניט קענען רעגיערט ווערען, דאס ניט לאזען זיך בעהערשען; דאס ניט קענען געצוימט ווערען; ווילדקייט, אונגעצוימטקייט, אונקאנטראלירבארקייט.

ungov'ernably *adv.* (אנ-גאוו'-ער-נע-בלי) ניט קענעדיג רעגיערט ווערען; זיך ניט לאזענדיג בעהערשען; ניט קענענדיג געצוימט ווערען.

ungov'erned *a.* (אנ-גאוו'-ערנד) ניט רעגיערט, ניט בעהערשט, אהן א רעגיערונג; ניט קאנטראלירט, ניט רעגולירט; ניט איינגעצוימט.

ungown' *v.* (אנ-גאון') אראבנעהמען די גלח'שע קליידער, אראבזעצען פון פריסטערליכען אמט.

ungowned' *a.* (אנ-גאונד') בערויבט פון די גלח'שע קליידער, אראבגעזעצט פון פריסטערליכען אמט.

ungraced' *a.* (אנ-גרייסט') ניט בעשאנקען; ניט געעהרט; ניט בעגאבט.

ungrace'ful *a.* (אנ-גרייס'-פול) אהן חן, אהן רייץ, ניט אנציהענד; ניט גראציעז, ניט עלעגאנט; אונגעלומפערט.

ungrace'fully *adv.* (אנ-גרייס'-פול-אי) אהן חן, אהן רייץ; ניט עלעגאנט; אויף אן אונגעלומפערטען אופן.

ungrace'fulness *n.* (אנ-גרייס'-פול-נעס) דאס זיין אהן חן אדער רייץ; אונעלעגאנטקייט; אונגעלומפערטקייט.

ungra'cious *a.* (אנ-גריי'-שאס) ניט גנעדיג, אונפריינדליך; אונאנגענעהם; ניט חנ'עוודיג, ניט גראציעז, ניט רייצענד; בייז, גראב, ברוטאל, אהן מאניערען.

ungra'ciously *a.* (אנ-גריי'-שאס-לי) אונפריינדליך; מיט אונגנאדע, מיט אונווילען; אונאנגענעהם; ניט עלעגאנט, ניט גראציעז; שלעכט, זינדיג; גראב, בייז, ברוטאל.

ungra'ciousness *n.* (אנ-גריי'-שאס-נעס) אונגנאדע, אונפריינדליכקייט; בייזקייט, שלעכטקייט; אונעלעגאנטקייט, אונחנ'עוודיגקייט.

ungrammat'ical *a.* (אנ-גרע-מעט'-אי-קעל) ניט גראמאטיקאליש, ניט ריכטיג, פעהלערהאפט.

ungrammat'ically *adv.* (אנ-גרע-מעט'-אי-קעל-אי) ניט לויט די כללים פון גראמאטיק, ניט גראמאטיקאליש.

ungrammat'icalness *n.* (אנ-גרע-מעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ניט גראמאטיקאליש.

ungran'ted *a.* (אנ-גרענ'-טעד) ניט בעוויליגט; ניט צוגעגעבען.

ungras'pable *a.* (אנ-גרעס'-פעבל) וואס קען ניט אנגעגריפען אדער אנגעכאפט ווערען; וואס מען קען ניט בעגרייפען אדער בענעהמען.

ungrate'ful *a.* (אנ-גרייט'-פול) אונדאנקבאר; אונאנגענעהם.

ungrate'fully *adv.* (אנ-גרייט'-פול-אי) אויף אן אונדאנקבארען אופן, מיט אונדאנקבארקייט.

ungrate'fulness *n.* (אנ-גרייט'-פול-נעס) אונדאנקבארקייט; אונאנגענעהמליכקייט.

ungrat'ified *a.* (אנ-גרעט'-אי-פאיד) ניט צופריעדען, ניט צופריעדען געשטעלט.

ungrave' *a.* (אנ-גרייוו') ניט ערנסט.

ungraved' *a.* (אנ-גרייווד') ניט איינגעגראווירט; ניט בעערדיגט, ניט בעגראבען אין א קבר.

ungrave'ly *adv.* (אנ-גרייוו'-לי) ניט ערנסט, אהן ערנסט; אהן ווירדע.

ungree'ted *a.* (אנ-גריע'-טעד) ניט בעגריסט.

ungroun'ded *a.* (אנ-גראונ'-דעד) אונבעגרינדעט; אהן א פונדאמענט, אהן א גרונד; אהן א באדען, אהן אן אנהאלט.

ungroun'dedly *adv.* (אנ-גראונ'-דעד-לי) אויף אן אונבעגרינדעטען אופן; אהן א גרונד; אהן א באדען, אהן אן אינהאלט.

ungroun'dedness *n.* (אנ-גראונ'-דעד-נעס) אונבעגרינדעטקייט; גרונדלאזיגקייט; דאס ניט האבען קיין פונדאמענט אדער אנהאלט.

ungrown' *a.* (אנ-גראון') נאך ניט אויסגעוואקסען, נאך ניט רייף; יונג.

ungrudged' *a.* (אנ-גראדזשד') פערגונען, גערן געגעבען.

ungrudg'ing *a.* (אנ-גראדזש'-איננ) פערגינענד, מיט דער פרייער האנד, מיט'ן גאנצען הארצען.

ungrudg'ingly *adv.* (אנ-גראדזש'-איננ-לי) פערגינענדיג, מיט'ן גוטען ווילען, מיט'ן גאנצען הארצען.

un'gual *a.* (אנ'-גהוועל) וואס איז שייך אדער ענליך צו נענעל אדער קלויען; וואס האט נענעל אדער קלויען.

unguaranteed' *a.* (אנ-גער-ענ-טיעד') ניט גאראנטירט, ניט קאווירט.

unguar'ded *a.* (אנ-גאר'-דעד) ניט געהיט; ניט געשיצט; ניט פארזיכטיג; נאכלעסיג.

unguar'dedly *adv.* (אנ-גאר'-דעד-לי) אויף אן אונפארזיכטיגען אופן; נאכלעסיג.

unguar'dedness *n.* (אנ-גאר'-דעד-נעס) אונפארזיכטיגקייט; נאכלעסיגקייט.

un'guent *n.* (אנ'-גהוועגט) א זאלב.

un'guentary *a.* (אנ'-גהוועג-טע-רי) פון זאלב, וואס איז שייך צו זאלב.

unguen'tous *a.* (אנ-גהוועג'-טאס) ווי זאלב.

unguess'able *a.* (אנ-געס'-עבל) וואס מען קען ניט טרעפען אדער משער זיין.

unguessed' *a.* (אנ-געסט') ניט געטראפען, ניט משער געווען.

unguic'ular *a.* (אנ-גהוויק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א נאגעל אדער קלויע; וואס האט נענעל אדער קלויען; וואס האט די לענג פון א מענשליכען פינגער־נאגעל [אן ערך א האלבע צאל].

Unguicula'ta *n.* (אנ-גהוויק-יו-לײי'-

טא) די חיות וואס האבען נעגעל אדער קלויען.

unguic'ulate *a. and n.* (אנ-גהוויק'-יו-לייט) וואס האט נעגעל אדער קלויען; א חיה וואס האט נעגעל אדער קלויען.

unguic'ulated *a.* (אנ-גהוויק'-יו-ליי-טעד) וואס האט נעגעל אדער קלויען.

ungui'dable *a.* (אנ-גאי'-דעבל) וואס לאזט זיך ניט פיהרען; אונגעהארכזאם.

ungui'dably *adv.* (אנ-גאי'-דע-בלי) וואס לאזט זיך ניט פיהרען; אויף אן אונגעהארכזאמען אופן.

ungui'ded *a.* (אנ-גאי'-דעד) ניט געפיהרט; ניט רעגולירט, ניט קאנטראלירט, ניט רעגיערט.

unguif'erous *a.* (אנ-גהוויפ'-ע-ראס) וואס האט נעגעל אדער קלויען.

un'guiform *a.* (אנ'-גהווי-פארם) נאגעלפערמיג, ווי א נאגעל אדער א קלויע.

unguil'tily *adv.* (אנ-גיל'-טי-לי) אונשולדיג; מיט אונשולד.

unguil'tiness *n.* (אנ-גיל'-טי-נעס) אונשולדיגקייט.

unguil'ty *a.* (אנ-גיל'-טי) ניט שולדיג, אונשולדיג.

un'guinous *a.* (אנ'-גהווי-נאס) אויליג, ווי אויל.

un'guis *n.* (אנ'-גהווים) א נאגעל, א קלויע; עטוואס וואס איז ענליך צו א נאגעל אדער קלויע; אזא ביין אין מענשליכען קערפער וואס איז ענליך צו א נאגעל פון א מענשליכען פינגער.

un'gula *n.* (אנ'-גיו-לא) א נאגעל, א קלויע; א הוף, א קאפיטע; אזא כירורגישער אינסטרומענט וואס איז אויסגעבויגען ווי א קלויע; אין געאמעטריע — א טייל פון א צילינדער אדער פון א קאנוס וואס ווערט אבגעשניטען שרעג צו דעם באזיס [דער שניט איז ענליך צו א קאפיטע פון א פערד].

un'gular *a.* (אנ'-גיו-לאר) ווי א נאגעל, ווי א קלויע, ווי א הוף אדער קאפיטע.

Ungula'ta *n.* (אנ-גיו-ליי'-טא) דער מין חיות וואס האבען קאפיטעס.

un'gulate *a. and n.* (אנ'-גיו-לייט) הוףפערמיג, וואס האט די פארם פון א קאפיטע; מיט קאפיטעס; א חיה וואס האט קאפיטעס.

Ungulig'rada *n.* (אנ-גיו-ליג'-ריי-דא) דער מין מעלה גרה'דיגע [ווידערקייענדע] חיות, וועלכע האבען קאפיטעס אדער קלויען.

un'guligrade *a. and n.* (אנ'-גיו-לי-גרייד) וואס האט קאפיטעס [ווי א פערד]; וואס האט צושפאלטענע קלויען [ווי א קוה]; א חיה מיט קאפיטעס.

un'gulous *a.* (אנ'-גיו-לאס) ווי א הוף, ווי א קאפיטע.

ungum' *v.* (אנ-גאמ') אראבנעהמען די גומי אדער דעם גומיגען שטאף.

unhab'itable *a.* (אנ-העב'-אי-טעבל) ז. ***uninhabitable***.

unhacked' *a.* (אנ-העקט') ניט צוהאקט; ניט איינגעקארבט.

unhack'neyed *a.* (אנ-העק'-ניד) ניט אבגעטראגען, ניט אבגענוצט; ניט אבגעדראשען.

unhair' *v.* (אנ-העהר') אראבנעהמען די האר; בעפרייט ווערען פון די האר.

unhair'ing-knife *n.* (אנ-העהר'-אינג-נאיף) אזא מעסער מיט צוויי הענטלעך וואס ווערט בענוצט אראבצוקראצען די האר פון פעל ביים מאכען לעדער.

unhair'ing-machine' *n.* (אנ-העהר'-אינג-מע-שין') א מאשין אראבצונעהמען די האר פון פעל.

unhale' *a.* (אנ-הייל') אונגעזונד.

unhal'low *v.* (אנ-העל'-או) פערשוועכען די היילינגקייט, מחלל זיין, פראפאנירען.

unhal'lowed *a.* (אנ-העל'-אוד) אונגעהייליגט; אונהייליג; זינדיג.

unham'mered *a.* (אנ-העמ'-ערד) ניט געהאמערט, ניט געשמיערט.

unham'pered *a.* (אנ-העמ'-פערד) ניט געהינדערט, ניט געשטערט, ניט געפענטעט.

unhand' *v.* (אנ-הענד') ארויסלאזען פון דער האנד, לאזען געהן.

unhan'dily *adv.* (אנ-הענ'-די-לי) אונגעשיקט, אומגעלומפערט.

unhan'diness *n.* (אנ-הענ'-די-נעס) אונגעשיקטקייט, אומגעלומפערטקייט.

unhan'dled *a.* (אנ-הענ'דלד) ניט בעריהרט, ניט געהאלטען אין דער האנד; ניט בעהאנדעלט; ניט איינגעאיבט, ניט איינגעבראכען [ווי למשל, א פערד].

unhand'seled *a.* (אנ-הענד'-סעלד) נאך ניט געברויכט, נאך ניט גענוצט; נאך ניט געאקערט; יונגפרויליך; אהן האנדגעלד, אהן א פאטשאטאק.

unhand'selled *a.* (אנ-הענד'-סעלד) ז. ***unhandseled***.

unhand'some *a.* (אנ-הענ'-סאם) ניט פיין, ניט שעהן; ניט אנשטענדיג; ניט עדעל; געמיין.

unhand'somely *adv.* (אנ-הענ'-סאם-לי) אויף אן אונאנשטענדיגען אדער נעמיינעם אופן; ניט שעהן, ניט פיין.

unhand'someness *n.* (אנ-הענ'-סאם-נעס) אונשעהנקייט, אונפיינקייט; אונאנשטענדיגקייט, געמיינהייט.

unhan'dy *a.* (אנ-הענ'-די) אונגעשיקט; ניט צו דער האנד, אונבעקוועם.

unhang' *v.* (אנ-הענג') אראבנעהמען עטוואס אויפגעהאנגענעס, אראבנעהמען פון קרוק אדער פון הענגער; אראבהויבען די טהיר פון די זאוויעסעס; אראברייסען די אביטשעס אדער טאפעטען פון די ווענד.

unhanged' *a.* (אנ-הענגד') ניט געהאנגען, ניט אויפגעהאנגען אויף דער תליה.

unhap'pily *adv.* (אנ-העפ'-אי-לי) אונגליקליך; אונגליקליכערווייזע; אויף אן אונגליקליכען אדער שלים-מזל'דיגען אופן; עלענד; בעטריבט; ניט פאסענד, ניט טויגענד, ניט גינסטיג.

unhap'piness *n.* (אנ-העפ'-אי-נעס) אונגליק; אונגליקליכקייט.

unhap'py *a.* (אנ-העפ'-אי) אונגליקליך; שלים-מזל'דיג; עלענד, בעטריבט.

unhar'bor *v.* (אנ-האר'-באר) ארויסטרייבען פון לאגער אדער פון דער נארע [ווענען א חיה אויף וועלכער מען געהט אויף געיעג].

unhar'bored *a.* (אנ-האר'-בארד) אהן אן אבדאך, אהן א שוץ-פלאץ; ארויסגעטריבען פון דער נארע [ווענען א חיה אויף וועלכער מען געהט אויף געיעג]; ניט בעשיצט.

unhar'bour *v.* (אנ-האר'-באר) ז. ***unharbor***.

unhar'boured *a.* (אנ-האר'-בארד) ז. ***unharbored***.

unhar'dened *a.* (אנ-האר'דנד) ניט פערהארטעוועט, ניט אבגעהארטעוועט.

unhar'dy *a.* (אנ-האר'-די) ניט אבגעהארטעוועט, ניט פעסט, ניט שטארק; ניט ווידערשטאנדספעהיג, ניט אויסדויערהאפט; ניט דרייסט, ניט מוטיג.

unharmed' *a.* (אנ-הארמד') ניט בעשעדיגט.

unharm'ful *a.* (אנ-הארמ'-פול) אונשעדליך.

unharm'fully *adv.* (אנ-הארמ'-פול-אי) אונשעדליך, אויף אן אונשעדליכען אופן.

unhar'ming *a.* (אנ-האר'-מינג) ניט בעשעדיגענד; אונשעדליך.

unharmo'nious *a.* (אנ-האר-מאו'-ני-אס) ניט הארמאניש, אהן הארמאניע; שלעכט-קלינגענד; ניט סימעטריש.

uharmo'niously *adv.* (אנ-האר-מאו'-ני-אס-לי) אויף אן אונהארמאנישען אופן; אהן הארמאניע.

unhar'ness *v.* (אנ-האר'-נעס) אראבנעהמען דאס שפאנגעצייג פון א פערד; אויסשפאנען; אראבנעהמען די וואפען; בעפרייען פון ארבייט.

unhar'vested *u.* (אנ-האר'-וועס-טעד) ניט געשניטען אדער ניט אראבגענומען פון פעלד [ווענען תבואה].

unhasp' *v.* (אנ-העספ') אבקייטלען, לויז מאכען, אבלאזען.

unhas'ting *a.* (אנ-הייס'-טינג) ניט איילענד, אהן האסט.

unhas'ty *u.* (אנ-הייס'-טי) ניט האסטיג, ניט איבעראיילט.

unhat' *v.* (אנ-העט') אראבנעהמען דעם הוט.

unhatched' *a.* (אנ-העטשט') ניט אויסגעזעסען, ניט אויסגעבריהט; ניט אויפגעדעקט, פערבארגען, בעהאלטען.

unhaun'ted *a.* (אנ-האנ'-טעד) ניט בעזוכט.

unhaz'arded *a.* (אנ-העז'-אר-דעד) ניט געשטעלט אין געפאהר, ניט ריזיקירט; ניט געפעהרליך.

unhaz'ardous *a.* (אנ-העז'-אר-דאס) אהן געפאהר, אהן ריזיקע; געפאהרלאז.

unhead' *v.* (אנ-העד') אראבנעהמען אדער אראבהאקען דעם קאפ.

unhea'lable *a.* (אנ-היע'-לעבל) אונהיילבאר.

utilita'rianism *n.* (יו-טיל-אי-טיי'-רי-ען-איזם) אוטיליטאריאניזם, אוטיליטאריזם, די נוצליכקייטס-טעאריע [די עטישע לעהרע, אז דער יסוד פון יעדער מאראל איז דער פרינציפ פון נוצליכקייט און דעריבער איז יעדע האנדלונג גוט אדער שלעכט אויף וויפיעל זי ברייננט נוצען אדער שאדען. די העכסטע טוגענד דריקט זיך אוים אין אזא האנדלונג, וואס ברייננט מעהר נוצליכקייט אדער גליק צו א גרעסערער צאהל מענשען, און דעריבער איז דער עטישער צוועק פון יעדער סאציאלער און פאליטישער איינריכטונג — צו ברייננען די גרעסטע סומע גליק צו דער גרעסטער צאהל מענשען].

util'ity *n.* (יו-טיל'-אי-טי) נוצליכקייט; דער נוץ, דער פראפיט; א נוצליכע זאך.

util'ity-man *n.* (יו-טיל'-אי-טי-מען) אין טעאטער-שפראך — אן אקטיאר וואס שפיעלט די קלענסטע ראלען אין א שוי-שפיעל; איינער פון א פארטיע באל-שפיעלער וואס פערנעהמט די פלעצער פון די אבוועזענדע שפיעלער.

u'tilizable *a.* (יו'-טי-לאי-זעבל) וואס מען קען אויסנוצען; פון וואס מען קען מאכען א געברויך.

utiliza'tion *n.* (יו-טי-לי-זיי'-שאן) אויסנוצונג.

u'tilize *v.* (יו'-טי-לאיז) מאכען ניצליך, אויסנוצען.

u'tilizer *n.* (יו'-טי-לאי-זער) איינער וואס מאכט עפעס ניצליך אדער נוצט אוים.

ut in'fra (אט אינ'-פרא) ווי אונטען, ווי עס ווערט אונטען דערמאהנט אדער אנגעגעבען.

u'ti posside'tis (יו'-טי פאס-אי-די'-טיס) אין אינטערנאציאנאלען רעכט—דער פרינציפ פון א פריעדענס-אבמאך צווישען צוויי אדער עטליכע מלוכות, וואס האבען מלחמה געהאלטען איינע מיט די אנדערע, אז דאס לאנד וואס איין מלוכה האט פערנומען אין דער צייט פון מלחמה זאל פערבלייבען אין איהר בעזיץ.

u'ti su'pra (יו'-טי סיו'-פרא) ווי פון אויבען; וואס איז דערמאהנט אדער אנגעצייגט געווארען אויבען.

ut'most *a. and n.* (אט'-מאוסט) וואס איז דאס גרעסטע, העכסטע אדער מעגליכסטע; דער גרעסטער, דער העכסטער; דאס אויסערסטע; דאס מעגליכסטע.

Uto'pia *n.* (יו-טאו'-פי-א) די אוטאפיא,

דער פאנטאסטישער אינזעל אין טאמאס מאר'ס ווערק, וואו עס הערשט די קאמוניסטישע ארדנונג און די מענשען זיינען אויף דעם העכסטען אופן גליקליך.

uto'pia *n.* (יו-טאו'-פי-א) אן אוטאפיע, א פאנטאזיע, א פאנטאסטישער אידעאל; א פאנטאסטיש לאנד.

uto'pian *a. and n.* (יו-טאו'-פי-ען) אוטאפיש, פאנטאסטיש, כימעריש; וואס בעלאנגט ניט צו קיין לאקאליטעט אדער בעשטימטען פלאץ; אן אוטאפיסט, איינער וואס טראגט זיך ארום מיט פאנטאסטישע אידעאלען וואס קענען ניט פערווירקליכט ווערען; א טרוימער, אן אונפראקטישער מענש.

Uto'pian *a. and n.* (יו-טאו'-פי-ען) וואס איז שייך צו דער אוטאפיא; אן איינוואהנער פון דער אוטאפיא. ז. *Utopia*

utop'ical *a.* (יו-טאפ'-אי-קעל) אוטאפיש, אוטאפיסטיש, וואס קען ניט פערווירקליכט ווערען, כימעריש, פאנטאסטיש.

u'topist *n.* (יו'-טא-פיסט) א אוטאפיסט, איינער וואס טראגט זיך ארום מיט אידעאלען וואס קענען ניט פערווירקליכט ווערען; א טרוימער.

u'tricle *n.* (יו'-טריקל) א פענכערעל; אין באטאניק — א בייטעלע, א זעקעלע.

utric'ular *a.* (יו-טריק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א פענכערעל; עהנליך צו א בייטעלע אדער זעקעלע.

utric'uliform *a.* (יו-טריק'-יו-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א בייטעלע אדער זעקעלע.

utric'uloid *a.* (יו-טריק'-יו-לאיד) ז. *utriculiform*

utric'ulus *n.* (יו-טריק'-יו-לאס) ז. *utricle*

ut'ter *v., a. and n.* (אט'-ער) אויסשפרעכען, ארויסזאגען; ארויסלאזען אין צירקולאציאן [געלד, פאפירען א. ד. ג.]; אין געזעצגעבונג — איבערגעבען איינעם פאלשע פאפירען אדער פאלש געלד מיט דעם צוועק צו בעשווינדלען אדער בעטריגען; ארויסגעבען, ארויסלאזען; פערווירקליכט אדער ענטוויקעלט ביז דעם העכסטען גראד; קאמפלעט, גענצליך, פאלקאם, פאלשטענדיג; אויסערסט, וואס איז דער ווייטסטער; דאס עקסטרעמע, דאס ווייטסטע.

ut'terable *a.* (אט'-ער-עבל) אויסשפרעכליך, וואס קען אויסגעשפראכען אדער ארויסגעזאגט ווערען.

ut'terableness *n.* (אט'-ער-עבל-נעס) די אויסשפרעכבארקייט, דאס קענען אויסגעשפראכען ווערען.

ut'terance *n.* (אט'-ער-ענס) די אויסשפרעכונג, די ארויסזאגונג; די שפראך, די ארט רעדען; דאס וואס ווערט אויסגעשפראכען, א ווארט, אן אויסדרוק, א בעמערקונג.

ut'terer *n.* (אט'-ער-ער) איינער וואס שפרעכט אויס, איינער וואס זאגט ארויס; אן ארויסלאזער, איינער וואס לאזט ארויס אין צירקולאציאן.

ut'tering *n.* (אט'-ער-אינג) דאס ארויסגעבען, פובליקאציאן, צירקולאציאן; דאס אויסשפרעכען.

ut'terly *adv.* (אט'-ער-לי) גענצליך; דורכאויס, פאלשטענדיג.

ut'termost *a. and n.* (אט'-ער-מאוסט) ז. *utmost*

U-tube *n.* (יו'-טיוב) א רעהר וואס האט די פארם פון א **U**.

u'va *n.* (יו'-ווא) א זאפטיגע פרוכט וואס האט א יאדרע אין מיטען [ווי א וויינטרויב].

u'vate *n.* (יו'-ווייט) אזא קאנזערוו געמאכט פון וויינטרויבען.

u'vea *n.* (יו'-ווי-א) די טרויבען=הויט פון אויג, דער דונקעלער טייל פון דעם אויג=אפעל.

u'veous *a.* (יו'-ווי-אס) ווי א וויינטרויב, עהנליך צו וויינטרויבען; וואס איז שייך צו דער טרויבען=הויט פון אויג. ז. *uvea*

u'vula *n.* (יו'-וויו-לא) דאס קליינע צינגעלע אין האלז.

u'vular *a.* (יו'-וויו-לאר) וואס איז שייך צו דעם קליינעם צינגעלע אין האלז; ארויסגערעדט דורך דער אנדריקונג פון דעם קליינעם צינגעלע אין האלז [ווי אנדערע ריידען ארויס דעם בוכשטאב *r*].

u'vula-spoon *n.* (יו'-וויו-לא-ספוהן) אזא לעפעל=פערמיגער מעדיצינישער אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט אויפצוהויבען דאס קליינע צינגעלע אין האלז.

uxo'rial *a.* (אק-סאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א פערהייראטער פרוי; וואס עס פאסט פאר א פערהייראטער פרוי; זעהר שטארק איבערגעגעבען צו דער פרוי, בעזאנדערס שטארק פערליעבט אין דער פרוי.

uxo'ricidal *a.* (אק-סאו'-רי-סאי-דעל) פרויען=מערדעריך, וואס איז שייך צו דער ערמארדונג פון אן אייגענער פרוי.

uxo'ricide *n.* (אק-סאו'-רי-סאיד) א מערדער פון זיין אייגענער פרוי; דער מארד פון א פרוי דורך איהר אייגענעם מאן.

uxo'rious *a.* (אק-סאו'-רי-אס) צופיעל איבערגעגעבען צו דער פרוי, וואס ליעבט זיין פרוי צופיעל.

uxo'riously *adv.* (אק-סאו'-רי-אס-לי) מיט איבערטריבענער ליעבע אדער איבערגעבענהייט צו דער אייגענער פרוי.

uxo'riousness *n.* (אק-סאו'-רי-אס-נעס) איבערטריבענע ליעבע אדער איבערגעבענהייט צו דער אייגענער פרוי.

V

V, v (ווי) דער צוויי און צוואנציגסטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

V *n.* (ווי) א פיגור וואס זעהט אויס ווי דער ענגלישער בוכשטאב **V**; א פינףדאלארדיגע אסיגנאציע.

v. א פערקירצונג פון די ווערטער *verb*, *verse* אדער *versus*

va *v.* (ווא) אין מוזיק — האלט ווייטער אן, געה ווייטער אן, זעץ פארט.

Va. אבקירצונג פון *Virginia* [ווירדזשיניא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

va'cancy *n.* (וויי'-קען-סי) לעדיגקייט, לעערקייט, אונפערנומענקייט, פוסטקייט; געדאנקען=פוסטקייט, געדאנקענלאזיגקייט; א לעדיגער פלאץ; א לעדיגער שטח; לעדיגע צייט, פרייע צייט, רוה=צייט, וואקאציע; פרייקייט, אונפערנומענקייט; א וואקאנץ, א לעדיגע שטעלע.

va'cant *a.* (וויי'-קענט) 1. לעער, לעדיג, פוסט; 2. אונבעשעפטיגט, פריי, ניט פערנומען; 3. געדאנקענלאז, פריי פון דענקען אדער נאכפארשונג; זארגלאז; 4. נאריש, דום; 5. וואקאנט, ניט פערנומען; 6. פערלאזען; וואס קיינער ירש'נט עס ניט.

1. There is one vacant room in the house. 2. He is usually occupied with sports in his vacant hours. 3. He is always so gay, so happy and so vacant. 4. He stared at me in vacant stupidity. 5. There are several applicants for the vacant position in the office.

va'cant look (וויי'-קענט לוק) א פערשטארטער בליק.

va'cantly *adv.* (וויי'-קענט-לי) אהן געדאנקען; ניט פערנומען.

va'cate *v.* (וויי'-קייט) 1. מאכען וואקאנט, אבלעדיגען, פערלאזען [א שטעלע אדער אן אמט]; 2. אוועקגעהן, פערלאזען; 3. אנולירען, מאכען אונגילטיג; מאכען נוצלאז.

1. The king vacated the throne. 3. Suicide does not vacate the life insurance policies.

vaca'tion *n.* (ווע-קיי'-שאן) פערלאזונג, אבלעדיגונג, דאס מאכען וואקאנט [א שטעלע, אן אמט]; אנולירונג, אבשאפונג, דאס מאכען אונגילטיג; וואקאציע, פעריען [פרייע צייט צווישען איין לעהר=זמן און צווייטען, צווישען איין געריכטס=סעסיע און דער צווייטער א. ז. וו.]; פרייע צייט, רוה=צייט, ערהאלונגס צייט.

vaca'tionist *n.* (ווע-קיי'-שאנ-איסט) איינער וואס האט וואקאציע אדער געהמט זיך ערהאלונגס=צייט; איינער וואס מאכט א לוסט=רייזע אדער ערהאלונגס=רייזע.

vaca'tionless *a.* (ווע-קיי'-שאנ-לעס) וואס האט ניט קיין וואקאציע, רוה=צייט אדער ערהאלונגס=צייט.

vaca'tur *n.* (ווע-קיי'-טויר) אנולירונג, אבשאפונג, בעזייטיגונג.

vaccig'enous *a.* (וועק-סידזש'-ע-נאס) וואס פראדוצירט וואקסין אדער קוה=פאקען=מאטעריע [צום שטעלען פאקען].

vac'cin *n.* (וועק'-סין) ז. *vaccine*

vacci'na *n.* (וועק-סאי'-נא) ז. *vaccinia*

vac'cinal *a.* (וועק'-סי-נעל) וואס איז שייך צו וואקסין [פאקען=מאטעריע צום שטעלען פאקען]; פעראורזאכט פון פאקען=שטעלונג.

vac'cinal fe'ver (וועק'-סי-נעל פיע'-ווער) ז. *vaccinia*

vac'cinal scar (וועק'-סי-נעל סקאר) ז. *vaccination-scar*

vac'cinate *v.* (וועק'-סי-נייט) שטעלען פאקען; קינסטליך אנשטעקען מיט א קראנקהייט, אום צו פערהיטען פון נאטירליכער אנשטעקונג.

vaccina'tion *n.* (וועק-סי-ניי'-שאן)

פאקען־שטעלונג, דאס שטעלען פאקען; קינסטליכע אנשטעקונג מיט א קראנקהייט אום צו פערהיטען א נאטירליכע אנשטעקונג.

vaccina'tionist *n.* (וועק-סי-ניי'-שאנ-איסט) איינער וואס האלט פון פאקען־שטעלען אדער פון קינסטליכער אנשטעקונג מיט א קראנקהייט אום צו פערהיטען א נאטירליכע אנשטעקונג.

vaccina'tion-scar *n.* (וועק-סי-ניי'-שאנ-סקאר) א פאקען־צייכען [דער צייכען וואס בלייבט איבער פון שטעלען פאקען].

vac'cinator *n.* (וועק'-סי-ניי-טאר) א פאקען־שטעלער; א מעסערעל אדער אנדערער עהנליכער אינסטרומענט צום שטעלען פאקען.

vac'cine *a. and n.* (וועק'-סין) וואס איז שייך צו קיה, גענומען פון קיה; וואס איז שייך צו קיה־פאקען; וואס איז שייך צו פאקען־שטעלונג; וואקסין, פאקען־מאטעריע, קוה־פאקען־מאטעריע [צום שטעלען פאקען]; א שטאף צום אנשטעקען אויף א קינסטליכען אופן מיט א קראנקהייט אום צו פערהיטען א נאטירליכע אנשטעקונג.

vac'cine a'gent (וועק'-סין איי'-דזשענט) א שטאאטס־בעאמטער אין איינע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא וואס בעזארגט די בעפעלקערונג מיט וואקסין אדער פאקען־מאטעריע.

vac'cine cica'trix (וועק'-סין סי-קיי'-טריקס) ז. *vaccination-scar*

vac'cine-farm *n.* (וועק'-סינ-פארם) א וואקסין־פערמע [א פערמע, וואו מען שטעקט אן קיה מיט פאקען, אום צו קריגען די פאקען־מאטעריע פאר מענשען].

vaccinel'la *n.* (וועק-סי-נעל'-א) ז. *vacciniola*

vac'cine lymph (וועק'-סין לימף) וואקסין, פאקען־מאטעריע. ז. *vaccine*

vac'cine mat'ter (וועק'-סין מעט'-ער) ז. *vaccine lymph*

vac'cine vi'rus (וועק'-סין וואי'-ראס) ז. *vaccine lymph*

vaccin'ia *n.* (וועק-סינ'-אי-א) קוה־פאקען [הויפטזעכליך געשטעלטע פאקען ביי קיה, פון וועלכע מען קריגט פאקען־מאטעריע פאר מענשען].

vaccin'ic *a.* (וועק-סינ'-איק) וואס איז שייך צו וואקסין אדער פאקען־מאטעריע.

vaccin'ifer *n.* (וועק-סינ'-אי-פער) א מענש אדער בהמה, פון וועלכע מען קריגט פאקען־מאטעריע; אן אינסטרומענט צו שטעלען פאקען.

vaccini'ola *n.* (וועק-סי-נאי'-א-לא) פאלשע פאקען [אן אויסשיטונג עהנליך צו פאקען, וואס קומט אפט נאך פאקען־שטעלונג].

vac'cinist *n.* (וועק'-סי-ניסט) ז. *vaccinator*

vacciniza'tion *n.* (וועק-סי-ני-זיי'-שאן) דאס שטעלען פאקען איין מאל נאך'ן צווייטען אזוי לאנג ביז די פאקען־מאטעריע הערט אויף צו ווירקען.

vac'illancy *n.* (וועס'-אי-לענ-סי) וואקעלדיגקייט; אונענטשלאסענהייט.

vac'illate *v.* (וועס'-אי-לייט) זיך שאקלען, זיך וואקלען; זיך שלאגען מיט דער דעה, זיין אונענטשלאסען.

vac'illating *a.* (וועס'-אי-ליי-טינג) זיך שאקלענד, זיך וואקלענד; זיך שלאגענד מיט דער דעה, אונענטשלאסען.

vac'illatingly *adv.* (וועס'-אי-ליי-טינג-לי) זיך וואקלענדיג, זיך שאקלענדיג; מיט אונענטשלאסענהייט, זיך שלאגענדיג מיט דער דעה.

vacilla'tion *n.* (וועס-אי-ליי'-שאן) שאקלונג, וואקלונג; אונענטשלאסענהייט, דאס שלאגען זיך מיט דער דעה.

vac'uist *n.* (וועק'-יו-איסט) איינער וואס בעהויפטעט, אז אין דער נאטור איז מעגליך א פאלשטענדיג לעדיגער אדער לופטלאזער רוים.

vacu'ity *n.* (ווע-קיו'-אי-טי) לעערקייט, לעדיגקייט; פוסטקייט; א לעדיגער ארט; נישטיגקייט, גארנישטקייט; געדאנקענלאזיגקייט, דאס ניט דענקען אדער נאכטראכטען; נארישקייט, דומהייט.

vac'uole *n.* (וועק'-יו-אול) א קליינינקע צעלע אדער פערטיעפונג אין דעם געוועב פון אן ארגאניזם.

vac'uous *a.* (וועק'-יו-אס) לעער, לעדיג; אונזיניג, פוסט, אהן זין; אהן אן אויסדרוק [ווי למשל, א בליק].

vac'uousness *n.* (וועק'-יו-אס-נעס) ז. *vacuity*

vac'uum *n.* (וועק'-יו-אם) א וואקואום, א לעדיגער רוים; אן ארט אדער כלי, פון וועלכע מען האט ארויסגעצויגען די לופט אדער אנדערע גאזען.

vac'uum clea'ner (וועק'-יו-אם קליע'-נער) אן אפאראט צו רייניגען דעם שטויב פון הייזער, פון טעפיכער א. ד. ג. [דער שטויב ווערט אין דעם אפאראט אריינגעצויגען דורך דעם וואס פון איהם ווערט אויסגעפומפט די לופט].

vac'uum-gage *n.* (וועק'-יו-אם-גיידזש) א וואקואום־מעסטער [אן אפאראט צו מעסטען דעם לופט־דרוק אדער צו בעשטימען אויף וויפיעל די לופט איז אויסגעלעדיגט אין א דאמפף־צילינדער, אין א דאמפף־קעסעל, אין א פומפ א. ד. ג.].

vac'uum-pump *n.* (וועק'-יו-אם-פאמפ) א וואקואום־פומפ [א פומפ, אין וועלכער דאס וואסער ווערט ארויפגעהויבען דורך דעם וואס די לופט ווערט אויסגעזויגען אדער אויסגעלעדיגט פון דער פומפ־רעהר].

vac'uum-tube *n.* (וועק'-יו-אם-טיוב) א וואקואום־רעהר [א פערמאכטע רעהר פון וועלכער די לופט איז אויסגעפומפט].

vac'uum-valve *n.* (וועק'-יו-אם-וועלוו) א וואקואום־ווענטיל [א זיכערהייטס־דעקעל אדער קלאפע אין א דאמפף־קעסעל, וואס עפענט זיך נאך אינווייניג, ווען אין קעסעל ווערט צו ווייניג לופט].

va'de-me'cum *n.* (וויי'-דיע-מיע'-קאם) א האנד־בוך, א טאשען־בוך [א נאטיץ־בוך וואס מען טראגט שטענדיג מיט זיך]; א זאך וואס מען טראגט אימער מיט זיך.

væ vic'tis! (וויע וויק'-טיס) וועה דעם בעזיעגטען!

vag'abond *n, a. and v.* (וועג'-ע-באנד) א וואגאבונד, אן ארומטרייבער, א בראדיאגע; א וואנדערער; היימאטלאז, אהן א היים, וואס טרייבט זיך ארום; וואנדערענד; וואנדערען, זיך ארומטרייבען, זיין א וואגאבונד.

vag'abondage *n.* (וועג'-ע-באנ-דעדזש) דאס זיין א וואגאבונד אדער בראדיאגע; דאס ארומטרייבען זיך; וואנדערונג.

vag'abondise *v.* (וועג'-ע-באנ-דאיז) ז. *vagabondize*

vag'abondish *a.* (וועג'-ע-באנ-דיש) ווי א וואגאבונד, ווי א בראדיאגע; וואנדערענד; זיך ארומטרייבענד.

vag'abondism *n.* (וועג'-ע-באנ-דיזם) ז. *vagabondage*

vag'abondize *v.* (וועג'-ע-באנ-דאיז) וואנדערען, זיך ארומטרייבען, ארומוואנדערען אלס וואגאבונד [בראדיאגע].

va'gal *a.* (וויי'-געל) וואס איז שייך צום וואנדער־נערוו [וועלכער געהט פון קאפ־מארך דורך'ן האלז און דורך דער ברוסט צום אויבערשטען טייל פון בויך]. ז. *vagus*

vaga'rian *n.* (ווע-גיי'-רי-ען) א מטורף, א קאפריזניק, א מענש מיט ווילדע איינפעלע.

vaga'rious *a.* (ווע-גיי'-רי-אס) קאפריזנע, משוגע, מטורף'דיג, וואס האט משוגע'נע איינפעלע.

vaga'rish *a.* (ווע-גיי'-ריש) מטורף'דיג. The look of his eyes is **vagarish**.

vagar'ity *n.* (ווע-גער'-אי-טי) מטורף'דיגקייט; קאפריזנעקייט.

vaga'ry *n.* (ווע-גיי'-רי) א קאפריז, א משוגעת; א ווילדער, משוגע'נער איינפאל.

vagi'na *n.* (ווע-דזשאי'-נא) די וואגינא אדער די מוטער־שייד [די עפנונג אדער דער קאנאל אין דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן וואס פיהרט צו דער געבעהר־מוטער]; א שייד, אן איינהילונג, א שייד־עהנליכער אדער רעהר־עהנליכער קערפער־טייל.

vag'inal *a.* (וועדזש'-אי-נעל) וואס איז שייך צו דער וואגינא אדער מוטער־שייד; וואס איז שייך צו א שייד־עהנליכען קערפער־טייל. ז. *vagina*

vag'inal douche (וועדזש'-אי-נעל דוהש) א שפריצער פאר דער מוטער־שייד. ז. *vagina*

vag'inate *a., n. and v.* (וועדזש'-אי-נייט) וואס ליעגט ווי אין א שייד; וואס האט א שייד; געמאכט ווי א שייד, רעהר־ארטיג, קאנאל־ארטיג; א שייד־עהנליכער אדער רעהר־עהנליכער פאליפ; איינהילען ווי אין א שייד.

vag'inated *a.* (וועדזש'-אי-ניי-טעד) שייד־ארטיג, רעהר־ארטיג; וואס האט א שייד, וואס ליעגט ווי אין א שייד.

vaginipen'nate *a.* (וועדזש-אי-ני-פענ'-אייט) וואס האט הארטע פליגעל־דעקלעך [ווענען אינזעקטען].

vaginis'mus *n.* (וועדזש-אי-ניס'-מאס) א קראנקהאפטע פערשמעלערונג פון דער וואגינא ארער מוטער־שייד. ז. *vagina*

vagini'tis *n.* (וועדזש-אי-נאי'-טיס) ענטצינדונג פון דער וואגינא [מוטער־שייד]. ז. *vagina*

vaginodyn'ia *n.* (וועדזש-אי-נא-דינ'-אי-א) ניוראלגיע אדער שמערצען אין דער מוטער־שייד. ז. *vagina*

vaginopen'nous *a.* (וועדזש-אי-נא-פענ'-אס) ז. *vaginipennate*

vaginot'omy *n.* (וועדזש-אי-נאט'-א-מי) אן איינשניט אין דער מוטער־שייד. ז. *vagina*

vagi'tus *n.* (ווע-דזשאי'-טאס) דער געשריי פון א נור־וואס געבארענעם קינד.

va'grance *n.* (וויי'-גרענס) ז. *vagrancy*

va'grancy *n.* (וויי'-גרענ-סי) וואנדערונג; דאס ארומשלעפען זיך, ארומטרייבעריי; דאס לעבען פון א וואגאבונד אדער בראדיאגע; די ארט לעבען פון א טויגעניכטס.

va'grant *a. and n.* (וויי'-גרענט) וואנדערענד; זיך ארומטרייבענד, זיך ארומשלעפענד; וואגאבונדיש; ניט געשטעלט,

אונרעגעלמעסיג; א וואנדערער; אן ארומטרייבער, א וואגאבונד, א בראדיאגע.

va'grantly *adv.* (וויי'־גרענט־לי) זיך ארומטרייבענדיג, זיך ארומשלעפענדיג; וואנדערענדיג; אויף א ניט־געשטעלטען, אונרעגעלמעסיגען אופן.

va'grantness *n.* (וויי'־גרענט־נעס) ז. *vagrancy*

vague *a. and n.* (וויינ) 1. אונבעשטימט, אונקלאר, טונקעל; 2. פון אן אונבעקאנטער אבשטאמונג אדער קוועלע; אונזיכער, אונבעשטעטיגט; 3. וואס האט ניט קיין קלארען בעגריף, וואס דענקט ניט קלאר; 4. אן אונבעשטימטע שטרעקע; 5. א רייזע.

1. The description is somewhat **vague**.
2. Some **vague** rumors are circulated in the city.

vague'ly *adv.* (וויינ'־לי) אויף אן אונקלארען אדער אונבעשטימטען אופן.

vague'ness *n.* (וויינ'־נעס) אונבעשטימטקייט, אונקלארקייט.

va'gus *n.* (וויי'־גאס) דער וואנדער־נערוו [א נערוו, וועלכער געהט פון קאפ־מארך דורך'ן האלז און דורך דער ברוסט צום אויבערשטען טייל פון בויך].

Vai'dic *a.* (וויי'־דיק) ז. *Vedic*

Vai'dik *a.* (וויי'־דיק) ז. *Vedic*

vail *v. and n.* (וויל) אראבווארפען; אראבלאזען; נאכגעבען; אבטרעטען; זיך פערניינען; אויסדריקען רעספעקט אדער אונטערטעניגקייט, זיך בויגען; זיך ארונטערלאזען; אונטערטעניגקייט; אונטערגאנג [פון דער זון]; טרינק־געלד, א געשאנק פאר בעדיענונג.

vails *n.* (וויילז) טרינק־געלד, א געשאנק פאר בעדיענונג.

vain *a.* (וויין) 1. אייטעל, מיט פוסטען שטאלץ, דום־שטאלץ, וואס שטאלצירט מיט קלייניגקייטען און נארישקייטען; בעריהמעריש, וואס האלט פון זיך; 2. וואס שטרעבט צו געפעלען אדער אויסצונעהמען ביי אנדערע; 3. לייכטזיניג; נאריש; 4. אונבעדייטענד, פוסט, נישטיג, ווערטהלאז; 5. אומזיסט, פרוכטלאז, נוצלאז, ארויסגעווארפען; 6. געפוצט.

1. She is extremely **vain** of her figure.
4. **Vain** matter is worse than **vain** words.
5. It proved to be a **vain** attempt.

vainglo'rious *a.* (וויינ־גלאו'־רי־אס) אייטעל, דום־שטאלץ; מיט פוסטען שטאלץ, מיט איבערטריבענעם שטאלץ, בעריהמעריש.

vainglo'riously *adv.* (וויינ־גלאו'־רי־אס־לי) מיט פוסטען שטאלץ; מיט בעריהמעריי; מיט אייטעלקייט.

vainglo'riousness *n.* (וויינ־גלאו'־רי־אס־נעס) פוסטע שטאלצקייט, איבערטריבענע שטאלצקייט; בעריהמערישקייט.

vainglo'ry *n.* (וויינ־גלאו'־רי) פוסטער שטאלץ, איבערטריבענער שטאלץ; אייטעלקייט; בעריהמערישקייט.

vain'ly *adv.* (וויינ'־לי) 1. מיט אייטעלקייט, מיט פוסטען אדער נארישען שטאלץ; 2. אומזיסט, אהן ערפאלג, אהן נוצען; 3. אויף א נארישען שטייגער; פוסט; 4. פאלש, על פי טעות.

2. The enemy **vainly** tried to capture the fortress.

vain'ness *n.* (וויינ'־נעס) אייטעלקייט, פוסטקייט, נישטיגקייט; דומער שטאלץ; נוצלאזיגקייט, אומזיסטקייט.

vai'vode *n.* (וויי'־וואוד) ז. *voivode*

vakeel' *n.* (ווע־קיעל') א געזאנדטער [אין אסט־אינדיען]; אן אסט־אינדישער ארוואקאט אדער בעפאלמעכטיגטער.

vakil' *n.* (ווע־קיעל') ז. *vakeel*

val'ance *n. and v.* (וועל'־ענס) א בעט־פארהאנג; אזא זיידענער אדער האלב־זיידענער און האלב־וואלענער מעבעל־צייג; בעציערען [א בעט] מיט א בעט־פארהאנג.

va'le *int.* (וויי'־ליע) אדיעו! זיי געזונד!

vale *n.* (וויל) א טהאל; א רינע, א קאנאל.

valedic'tion *n.* (וועל־אי־דיק'־שאן) א זיי־געזונד, אבשיעד, דאס געזעגענען זיך.

valedicto'rian *n.* (וועל־אי־דיק־טאו'־רי־ען) א סטודענט וואס האלט די אבשיעדס־רעדע ביים אויסטיילען די דיפלאמען צו די געענדיגטע [אין די אמעריקאנישע לעהר־אנשטאלטען].

valedic'tory *a. and n.* (וועל־אי־דיק'־טא־רי) אבשיעדליך, וואס געהערט צום אבשיעד אדער צום זעגענען זיך; אן אבשיעדס־רעדע געהאלטען פון א סטודענט ביים אויסטיילען די דיפלאמען [אין די אמעריקאנישע לעהר־אנשטאלטען].

val'ence *n. and v.* (וועל'־ענס) ז. *valance*

va'lence *n.* (וויי'־לענס) די וואלענץ, די פערבינדונגס־פעהיגקייט פון כעמישע שטאפען, די פעהיגקייט פון אן אטאם פון א געוויסען עלעמענט זיך צו פערבינדען מיט א געוויסער צאהל אטאמען פון וואסערשטאף.

valen'cia *n.* (ווע־לענ'־שי־א) אזא זיידענער אדער האלב־זיידענער האלב־וואלענער מעבעל־צייג [ז. *valance*]; אזא פיקע־עהנליכער לייווענט־צייג.

Valenciennes' *n.* (ווע־לאנ־סי־ענז') אזעלכע טייערע שפיצען אדער קרוזשעווע; אזא צינד־מאטעריאל אין פייערווערק.

va'lency *n.* (וויי'־לענ־סי) ז. *valence*

valen'tia *n.* (ווע־לענ'־שי־א) אזא מעבעל־צייג. ז. *valance*

val'entine *n.* (וועל'־ענ־טאין) א געליעבטער, א געליעבטע [אויסערוועהלט אין סיינט וואלענטינ'ס טאג]; א ליעבע־בריעף; א שפאס־בריעף; א בילד מיט אנצוהערעניש פון ליעבע און הייראט [געשיקט פון א בחור צו א מיידעל אדער פון א מיידעל צו א בחור דעם 14טען טאג פון מאנאט פעברואר, וועלכער איז געווידמעט דעם קריסטליכען הייליגען וואלענטין. ביי קריסטען איז געווען אנגענומען, אז אין דיעזען טאג פון יאהר פארען זיך די פויגעלעך און דעריבער איז דיעזער טאג געווארען א לוסטיגער יום־טוב פאר בחורים און מיידלעך].

vale'rian *n.* (ווע־ליע'־רי־ען) וואלעריאן אדער באלדריאן [אזא פלאנצע, וועמענס ווארצעל ווערט געברויכט אין מעדיצין און גיט ארויס א זאפט, וואס דיענט אלס בערוהיגונגס־מיטעל אין נערווען־קראנקהייטען]; דער וואלעריאן־ווארצעל; וואלעריאן־טראפענס.

Valerian

valerian'ic *a.* (ווע־ליע־רי־ענ'־איק) וואלעריאניש, וואס איז שייך צו וואלעריאן אדער באלדריאן, געמאכט פון וואלעריאן. ז. *valerian*

val'eric *a.* (וועל'־ע־ריק) ז. *valerianic*

val'et *n. and v.* (וועל'־עט) א וואלעט, א דיענער; א קאמער־דיענער, א לאקיי; בעדיענען [אלס וואלעט אדער לאקיי].

valet' de cham'bre (ווע־ליי' דע שאנבר) א קאמער־דיענער.

valet' de place (ווע־ליי' דע פלאס) איינער וואס פערדינגט זיך אלס פיהרער און וועג־ווייזער אדער נעהמט אן פערשיעדענע שליחות.

valetudina'ria *n.* (וועל־אי־טיו־די־ניי'־רי־א) שפיטאלען, האספיטעלער. ז. *valetudinarium*

valetudina'rian *a. and n.* (וועל־אי־טיו־די־ניי'־רי־ען) קרענקליך; שוואך, קראנק; וואס קורירט זיך; א קרענקליכער אדער קראנקער מענש; איינער וואס קורירט זיך.

valetudina'rianism *n.* (וועל־אי־טיו־די־ניי'־רי־ען־איזם) קרענקליכקייט, שוואכקייט.

valetu'dinariness *n.* (וועל־אי־טיו'־די־נע־רי־נעס) קרענקליכקייט, שוואכקייט.

valetudina'rious *a.* (וועל־אי־טיו־די־ניי'־רי־אס) קרענקליך, קראנק, שוואך, וואס קורירט זיך.

valetudina'rium *n.* (וועל־אי־טיו־די־ניי'־רי־אם) א שפיטאל, א האספיטאל [אין פארצייטיגען רוים].

valetu'dinary *a. and n.* (וועל־אי־טיו'־די־נע־רי) ז. *valetudinarian*

val'gus *n.* (וועל'־גאס) אויסגעדרעהטע אדער קרומע פיס; א קרום־פיסיגער, איינער מיט אויסגעדרעהטע פיס [פון געבורט].

Valhal'la *n.* (וועל־העל'־א) די וואלהאלא [די געביידע פון אונשטערבליכקייט, דער פלאץ, וואו עס האבען זיך, לויט דער סקאנדינאווישער מיטאלאגיע, אויפגעהאלטען די נשמות פון געפאלענע קריעגס־העלדען]; א געביידע אדער טעמפעל, וואו עס געפינען זיך די קברים פון נאציאנאלע העלדען.

val'iant *a. and n.* (וועל'־יענט) מוטיג, בראוו, העלדיש; א בראווער מענש, א העלדישער יונג.

val'iantly *adv.* (וועל'־יענט־לי) מיט מוטה, מיט בראווקייט, אויף א העלדישען אופן.

val'iantness *n.* (וועל'־יענט־נעס) מוטיגקייט, בראווקייט, העלדישקייט.

val'id *a.* (וועל'־איד) 1. שטארק, ריכטיג, גוט, גוט בעגרינדעט; 2. גילטיג, געזעצליך גילטיג; 3. אין זאאלאגיע — וויסענשאפטליך קלאסיפיצירט, ריכטיג קלאסיפיצירט.

1. He gave **valid** reasons for his actions.
2. The court declared the marriage **valid**.

val'idate *v.* (וועל'־אי־דייט) 1. בעשטעטיגען, בעפעסטיגען, לעגאליזירען, מאכען גילטיג; 2. אונטערזוכען די ריכטיגקייט אדער גילטיגקייט.

2. The assembly occupied itself with the work of **validating** the votes.

valida'tion *n.* (וועל־אי־דיי'־שאן) בעפעסטיגונג, בעגרינדונג, גילטיג־מאכונג.

valid'ity *n.* (ווע־ליד'־אי־טי) שטארקייט; ריכטיגקייט; גילטיגקייט; גוט־בעגרינדעטקייט.

val'idly *adv.* (וועל'-איד-לי) אויף א שטארקען, ריכטיגען, גוט-בעגרינדעטען אדער גילטיגען אופן.

val'idness *n.* (וועל'-איד-נעס) ז. *validity*.

valise' *n.* (ווע-ליעס') א רענצעל, א רייזע-טאש, א טשעמאדאן.



Valise

val'kyr *n.* (וועל'-קיר) א וואלקיר [איינע פון די פרויען, אין דער סקאנדינאווישער מיטאלאגיע, וועלכע האבען די נעפאלענע העלדען אין דער מלחמה אריבערגעבראכט אין וואלהאלא און האבען זיי דארט בעדיענט ביי די הוליאנקעס. ז. *Valhalla*].

valkyr'ia *n.* (וועל-קיר'-אי-א) ז. *valkyr*.

valkyr'ian *a.* (וועל-קיר'-אי-ען) וואלקיריש, וואס איז שייך צו די וואלקירען. ז. *valkyr*.

val'lancy *n.* (וועל'-ען-סי) אזא פארצייטיגער פארוק.

val'lar *a.* (וועל'-אר) וואס איז שייך צו א ברוסט-וועהר [אן אנגעשאטענער פעסטונגס-וואל]; וואס איז שייך צו א פאליסאדע [א פארקאן פון שפיציגע פלעקער].

val'lary *a.* (וועל'-ע-רי) ז. *vallar*.

valla'tion *n.* (ווע-ליי'-שאן) א ברוסט-וועהר, אן ארומגראבונג, א בעשאנצונג, א פערפעסטיגונג.

vallec'ula *n.* (ווע-לעק'-יו-לא) אין אנאטאמיע און באטאניק — א פערטיעפונג, א קנייטש.

val'ley *n.* (וועל'-אי) א טהאל; א פערטיעפונג; א דאך-רינע.

val'lum *n.* (וועל'-אם) אן ערד-וואל, א פעסטונגס-וואל, בעפעסטיגונגס-ווערק אדער בעפעסטיגונגס-גראבענס.

valo'nia *n.* (ווע-לאו'-ני-א) וואלאניא אדער וואלאנען [די בעכערלעך פון די חזיר-ניסלעך פון א געוויסען דעמב וואס ווערען געברויכט צום פארבען, צום גארבען און צו מאכען טינט].

valo'nia-oak *n.* (ווע-לאו'-ני-א-אוק) דער וואלאניא-דעמב. ז. *valonia*.

val'or *n.* (וועל'-אר) העלדישקייט, מוטיגקייט; בראווקייט; א בראווער, מוטיגער מענש.

val'orous *a.* (וועל'-אר-אס) העלדיש, בראוו, מוטיג.

val'orously *adv.* (וועל'-אר-אס-לי) מיט מוטה, מיט בראווקייט; אויף א העלדישען שטייגער.

val'uable *a. and n.* (וועל'-יו-עבל) 1. ווערטהפול, פון גרויסען ווערטה, קאסטבאר, טייער; 2. געשאצט; שאצבאר, וואס קען אבגעשאצט ווערען; 3. וואס האט א ווערטה; 4. א ווערטהפולע, טייערע זאך, א קאסטבארקייט.

1. We made a most valuable acquisition. 2. Commodities are movables, valuable by money. 3. He never values people as they value him, but as they are valuable.

val'uableness *n.* (וועל'-יו-עבל-נעס) ווערטהפולקייט, טייערקייט, קאסטבארקייט; ווערטה.

val'uables *n.* (וועל'-יו-עבלז) ווערטהפולע, טייערע זאכען, קאסטבארקייטען.

valua'tion *n.* (וועל-יו-איי'-שאן) שאצונג, אבשאצונג; דער ווערטה.

valua'tional *a.* (וועל-יו-איי'-שאנ-על) אבשאצענד, וואס איז שייך צו שאצונג אדער אבשאצונג.

val'uator *n.* (וועל'-יו-איי-טאר) א שאצער, אן אבשאצער.

val'ue *n. and v.* (וועל'-יו) ווערטה; שעצונג; הויכשעצונג; פרייז; בעדייטונג, וויכטיגקייט; ריכטיגע בעדייטונג; אין מוזיק — דער דויער פון א טאן; שאצען, אבשאצען; שעצען; הויך שעצען; נעהמען אין אנבעטראכט, זיך קימערען.

val'ued pol'icy (וועל'-יוד פאל'-אי-סי) א פערזיכערונגס-פאליסע, וואו עס איז אנגעגעבען דער גענויער ווערטה פון דער פערזיכערטער סחורה.

val'ueless *a.* (וועל'-יו-לעס) ווערטהלאז; אונוויכטיג.

val'uelessness *n.* (וועל'-יו-לעס-נעס) ווערטהלאזיגקייט; אונוויכטיגקייט.

val'ue of mon'ey (וועל'-יו אוו מאנ'-אי) דער ווערטה פון געלד, דער פראצענט-ווערטה פון געלד, די קויף-קראפט פון געלד.

val'uer *n.* (וועל'-יו-ער) א שאצער, אן אבשאצער; א שעצער, איינער וואס שעצט הויך.

val'ue received' (וועל'-יו רי-סיעווד') די סומע בעקומען [א בעצייכנונג, אז די סומע, אויף וועלכער א וועקסעל איז ארויסגעגעבען געווארען, האט מען בעקומען].

val'vate *a.* (וועל'-וויים) קלאפען-עהנליך, ווענטיל-עהנליך; וואס האט א קלאפע אדער דעקעל; וואס האט א קלאפען-עהנליכעם דעקעל אדער עפנונג.

valve *n.* (וועלוו) א ווענטיל, א קלאפע; א קלאפאן, א דעקעל; א טהיר-פליגעל.

valved *a.* (וועלווד) מיט ווענטילען, מיט דעקלעך, מיט קלאפאנעס.

valve'-gear *n.* (וועלוו'-גיער) דער מעכאניזם אין א דאמפף-מאשין וואס עפענט און פערמאכט די ווענטילען [קלאפאנעס אדער דעקלעך].

valve'less *a.* (וועלוו'-לעס) וואס האט ניט קיין ווענטילען אדער קלאפאנעס.

valve'let *n.* (וועלוו'-לעט) א קליינער ווענטיל, א קליינע קלאפע, א קליין טהירעלע, א דעקעלע.

valve'-mo'tion *n.* (וועלוו'-מאו'-שאן) ז. *valve-gear*.

val'vula *n.* (וועל'-וויו-לא) אין אנאטאמיע — א ווענטיל-עהנליכער טייל.

val'vular *a.* (וועל'-וויו-לאר) וואס האט טהירלעך, דעקלעך אדער קלאפאנעס [ווענטילען]; מיט טהירלעך, דעקלעך אדער קלאפאנעס; קלאפאן-פערמיג.

val'vule *n.* (וועל'-וויול) ז. *valvelet*.

valvuli'tis *n.* (וועל-וויו-לאי'-טיס) ענטצינדונג פון א ווענטיל-עהנליכען קערפער-טייל [הויפטזעכליך פון הארצען].

vam'brace *n.* (וועמ'-בריים) דער טייל פון אן ארם-שילד אדער פאנצער, וואס בעדעקט די האנד פון דעם עלענבויגען ביז דעם האנד-געלענק.

vamose' *v.* (ווע-מאוס') זיך אבטראגען, פערלאזען; "נעהמען דעם וועג".

vamose' the ranch (ווע-מאוס' טהי רענטש) זיך אבטראגען, אוועקגעהן, אוועקמארשירען.

vamp *n. and v.* (וועמפ) א ווערך אדער אויבער-לעדער [פון א שוך]; א לאטע; עטוואס וואס ווערט ארויפגעלעגט אדער צוגעגעבען, אום אן אלטע זאך זאל אויסזעהן ווי ניי; אין מוזיק — אימפראוויזירטע בעציערונגס-נאטען; ארויפלעגען א ווערך אדער אויבער-לעדער; פעררריכטען, פערלאטען, פערשטשאבען; מאכען כלומרשט ווי ניי; אין מוזיק — אימפראוויזירען [צוגעבען אונפארבערייטעטערהייד] בעציערונגס-נאטען.

vam'per *n.* (וועמ'-פער) א פעררריכטער, א לאטוטניק; א שוך-פעררריכטער, א שוסטער; איינער וואס פערלאטעט אדער פערשטשאבעט; איינער וואס אימפראוויזירט בעציערונגס-נאטען.

vam'per-up' *n.* (וועמ'-פער-אפ') ז. *vamper*.

vam'pire *n. and a.* (וועמ'-פאיר) א וואמפיר [לויט דעם אבערגלויבען ביי די סלאווישע פעלקער — א טויטער וואס פערלאזט ביינאכט זיין קבר און זויגט אויס דאס בלוט ביי שלאפענדע. לויט דעמזעלבען אבערגלויבען, ווערען געוועהנליך פערוואנדעלט אין וואמפירען כשוף-מאכער, אפקורסים א. ז. וו.]; א וואמפיר אדער וואמפיר-פלעדערמויז [אזא פלעדערמויז, וואס זויגט דאס בלוט ביי בהמות]; א בלוט-זויגער; אזא פארריכטונג אויף א טעאטער-ביהנע, וואס מאכט מעגליך, אז איינער זאל פלוצלונג פערשווינדען פון דער ביהנע אדער פלוצלונג ערשיינען אויף איהר; וואמפיריש; בלוט-זויגעריש.

vam'pire-bat *n.* (וועמ'-פאיר-בעט) א וואמפיר אדער וואמפיר-פלעדערמויז. ז. *vampire*.

vampir'ic *a.* (וועמ-פיר'-איק) וואמפיריש; וואס איז שייך צו וואמפירען; וואס איז שייך צום וואמפיריזם [דער גלויבען אין וואמפירען]. ז. *vampire*.

vam'pirism *n.* (וועמ'-פאיר-איזם) וואמפיריזם, דער גלויבען אין וואמפירען; בלוט-זויגונג. ז. *vampire*.

van *n. and v.* (וועז) א גרויסער געדעקטער וואגען, א טראנספארט-וואגען, א וואגען צום איבערפיהרען מעבעל; א פראכט-וואגאן אין א פאסאזשיר-צוג פאר דעם באגאזש פון די פאסאזשירען; א פעדער; א פליעגעל; א וועהער צום ארויסבלאזען די מעקענע פון אויסגעדראשענער תבואה; אן אוואנגארד, די פאדערשטע אבטיילונג פון אן ארמעע אדער פלאטע; די פאדערשטע רייהען; די פיהרער פון א בעוועגונג; די אנפיהרער; די פראבע פון ערץ [רויה-מעטאל] דורך צופולווערען און וואשען עס אין א שויפעל; פיהרען אין א טראנספארט-וואגען; רייניגען ערץ [רויה-מעטאל] דורך צופולווערען און וואשען אין א שויפעל.

van'adate *n.* (וועג'-ע-דייט) וואנאדיזויערע זאלץ [א כעמישע פערבינדונג מיט דעם מעטאל וואנאדיום]. ז. *vanadium*.

vana'diate *n.* (ווע-ניי'-די-אייט) ז. *vanadate*.

vanad'ic *a.* (ווע-נעד'-איק) וואס איז שייך צו וואנאדיום, וואס ענטהאלט וואנאדיום. ז. *vanadium*.

vana'dium *n.* (ווע-ניי'-די-אם) וואנאדיום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען, וועלכער בעלאנגט צו די זעלטענע מעטאלען].

van'-cou'rier *n.* (וועג'-קוה'-רי-ער) א פארלויפער, א קוריער אדער א שליח וואס לויפט פארויס.

Van'dal *n.* (ווענ'-דעל) א וואנדאל [איינער פון א גערמאנישער ראסע, וועלכע איז ערשיענען אין דער ערשטער העלפט פון פינפטען יאהרהונדערט, האט פערוויס-

טעט א בעדייטענדען טייל פון אייראפא און איז אין יאהר 455 בעפאלען רוים. ביי זייערע איבערפאלען האבען די וואנדאלען פערניכטעט גאנצע אוצרות פון קונסט און ליטעראטור].

van'dal *n. and a.* (ווענ'-דעל) א וואנדאל, א בארבאר, א רויהער מענש; א פיינד פון קונסט, א פיינד אדער צושטערער פון עטוואס וואס איז שעהן אדער געשעצט.

Vandal'ic *a.* (ווענ-דעל'-איק) וואנדאליש, וואס איז שייך צו די וואנדאלען. ז. ***Vandal***.

vandal'ic *a.* (ווענ-דעל'-איק) וואנדאליש, בארבאריש, פיינדליך צו קונסט, צושטערענד אלעס וואס איז שעהן און איז געאכטעט.

Van'dalism *n.* (ווענ'-דעל-איזם) וואנדאליזם, די בארבארישע אויפפיהרונג פון די וואנדאלען. ז. ***Vandal***.

van'dalism *n.* (ווענ'-דעל-איזם) וואנדאליזם, בארבארישקייט, רויהייט, גראבקייט, צושטערונג פון קונסט־זאכען, פיינדשאפט צו עטוואס וואס איז שעהן אדער געאכטעט.

Vandyke' *n. and a.* (ווענ-דאיק') א שפיץ, א צאק, איינער פון א רייה ראנדשפיצען [אין ציינג, קרוזשעוועס א. ז. וו.]; א וואנדיק־קאלנער, א וואנדיק־שאל [ווי מען זעהט אויף די פארטרעטען פון דעם האלענדישען מאהלער וואנדיק]; וואס איז שייך צו דער קליידער־מאדע פון אנפאנג פון זיינצעהנטען יאהרהונדערט [ווי מען זעהט זי אויף וואנדיק'ס פארטרעטען]; מיט שפיצען, געצאקט [וועגען א קאלנער].

vandyke' *v.* (ווענ-דאיק') מאכען צאקען, מאכען שפיצען ביים ראנד [ווי א וואנדיק־קאלנער]. ז. ***Vandyke***.

Vandyke' beard (ווענ-דאיק' ביערד) א שפיציגע באָרד.

Vandyke' brown (ווענ-דאיק' בראון) וואנדיק־ברוין [אזא ברוינע פארב].

vane *n.* (וויין) א ווינד־פאהן, א וועטער־פאהן, א וועטער־האהן [צו ציינגען די ריכטונג פון ווינד]; די האריגע ברייטע זייט פון א פעדער; א פליגעל [פון א ווינד־מיהל, פון א טרייב־שרויף א. ז. וו.]; א בעוועגליכעס האריזאנטאלעס ברעט ביי לאנד־מעסטונגס־אינסטרומענטען]; א שיעבער [אזא פארריכטונג ענהליך צו א ווינד־פאהן, ביי דער אקס פון פערשיעדענע אפאראטען].

vaned *a.* (וויינד) וואס האט א וועטער־פאהן, א פליגעל אדער שיעבער. ז. ***vane***.

van'-foss *n.* (ווענ'-פאס) א פארגראבען [אין בעפעסטיגונגס־ווערק].

vang *n.* (ווענג) א שטריק וואס איז אנגעבונדען אן דעם קווער־שטאנג פון א שיף און אן דער פארנעמשע פון דער שיף, אום צו בעפעסטיגען דעם קווער־שטאנג.

van'ga *n.* (ווענ'-גא) אזא טויט־פויגעל אדער ווערגער. ז. ***shrike***.

van'ga-shrike *n.* (ווענ'-גא-שראיק) ז. ***vanga***.

van'glo *n.* (ווענ'-גלאו) ז. ***bene***.

van'gloe *n.* (ווענ'-גלאו) ז. ***bene***.

van'guard *n.* (ווענ'-גארד) דער אוואנגארד, די פאדערשטע אבטיילונג פון אן ארמעע אדער פלאטע; די פאדערשטע רייהען, די אנפיהרער.

vanil'la *n.* (ווע-ניל'-א) די וואנילע [אזא שמעקעדיגע פלאנצע]; די וואנילא־פרוכט; וואנילא־עקסטראקט [דער עקסטראקט פון דער וואנילא־פרוכט].

Vanilla

vanil'la-bean *n.* (ווע-ניל'-א-ביען) די וואנילא־פרוכט. ז. ***vanilla***.

vanil'lism *n.* (ווע-ניל'-איזם) אזא קראנקהייט, וואס ענטוויקעלט זיך ביי מענשען וואס ארבייטען ביים ארויסציהען דעם עקסטראקט פון וואנילא־פרוכט.

van'ish *v. and n.* (ווענ'-איש) פערשווינדען, ווערען אונמערקבאר; פערגעהן; אין מאטעמאטיק — זיך פערוואנדלען אין א נול, ווערען גלייך נול; א שפראך־קלאנג וואס פערשווינדט אדער ענדיגט זיך אין א צווייטען קלאנג.

van'isher *n.* (ווענ'-איש-ער) איינער וואס פערשווינדט.

van'ishing *a. and n.* (ווענ'-איש-אינג) פערשווינדענד, וואס ווערט אונמערקבאר, פערגעהענד; פערשווינדונג, פערגעהונג, דאס ווערען אונמערקבאר.

van'ishingly *adv.* (ווענ'-איש-אינג-לי) 1. פערשווינדענדיג, פערגעהענדיג; 2. אונבעמערקבאר.

2. The probability is vanishingly small.

van'ishing point (ווענ'-איש-אינג פאינט) 1. אין פערספעקטיוו־צייכנונג — דער פערשווינדונגס־פונקט [דער פונקט, וועלכען מען שטעלט זיך פאר אלס דעמיענינגען, וואו עס שניידט זיך די אימאגינערע ליניע (א ליניע, וועלכע מען שטעלט זיך פאר אין געדאנק), וואס געהט דורך דאס אויג פון דעם בעאבאכטער און די גראדע ליניען פון דעם געגענשטאנד, וואס דארף געצייכענט ווערען]; 2. דער נול־פונקט, דער פערשווינדונגס־פונקט.

2. The margin of profit has been reduced to a vanishing point.

van'ishment *n.* (ווענ'-איש-מענט) פערשווינדונג, שווינדונג, פערגעהונג; דאס ווערען אונמערקבאר.

van'ity *n.* (ווענ'-אי-טי) 1. אייטעלקייט, פוסטער שטאלץ, בעריהמעריי, שטרעבונג אויסצוצייכענען אדער צו געפעלען; 2. פוסטקייט, נישטיגקייט, אונוויכטיגקייט, הבל הבלים; 3. נארישקייט, א קלייניגקייט, אן אונוויכטיגקייט; 4. אומזיסטקייט, נוצלאזיגקייט, ווערטהלאזיגקייט.

1. It tickles his vanity to be spoken of as a social leader. 2. Vanity of vanities, saith the preacher, all is vanity.

Van'ity Fair (די (ווענ'-אי-טי פעהר) וועלט אלס דער פלאץ פון אייטעלקייט, פוסטען שטאלץ און נארישער בעריהמעריי; די מאדע־וועלט.

van'quish *v. and n.* (ווענ'-קהוויש) 1. בעזיעגען, בייקומען, גובר זיין; 2. אבשטרייטען, ווידערלעגען, בעווייזען אלס פאלש.

1. The army was vanquished with great slaughter.

van'quishable *a.* (ווענ'-קהוויש-עבל) בעזיעגבאר, וואס קען בייגעקומען ווערען, וואס מען קען גובר זיין.

van'quisher *n.* (ווענ'-קהוויש-ער) א בעזיעגער, א זיעגער.

van'quishment *n.* (ווענ'-קהוויש-מענט) בעזיעגונג; בעזיעגטקייט; דאס בייקומען אדער גובר זיין; דאס ווערען בייגעקומען.

van'sire *n.* (ווענ'-סאיר) אזא איכניימאן אדער פרעה'ס מויז [אזא חיה'לע]. ז. ***ichneumon***.

van'tage *n.* (ווענ'-טעדזש) א פארטייל, א פארצוג, דאס זיין אין א גינסטיגער לאגע; א גינסטיגער צושטאנד, א גינסטיגע לאגע.

van'tage-ground *n.* (ווענ'-טעדזש-גראונד) א פארטייל־האפטע אדער בעסערע שטעלונג; א גינסטיגע לאגע.

van'tage-point *n.* (ווענ'-טעדזש-פאינט) ז. ***vantage-ground***.

van'tage-post *n.* (ווענ'-טעדזש-פאוסט) ז. ***vantage-ground***.

vap'id *a.* (וועפ'-איד) אויסגעוועפט; געשמאקלאז; פלאך, טעמפ; טויט, גייסטלאז.

vapid'ity *n.* (ווע-פיד'-אי-טי) ז. ***vapidness***.

vap'idly *adv.* (וועפ'-איד-לי) אויסגעוועפט, אהן טעם; אויף א טעמפען, טויטען אדער גייסטלאזען אופן.

vap'idness *n.* (וועפ'-איד-נעס) אויסגעוועפטקייט, געשמאקלאזיגקייט; טעמפקייט, טויטקייט; גייסטלאזיגקייט.

va'por *n. and v.* (וויי'-פאר) פארע, דאמפף, דונסט; נעבעל; עטוואס פערנעבעלטעס אדער אונ'ממשות'דיגעס, עטוואס וואס איז בלויז ווינד און רויך; א מעדיצינישער מיטעל צום איינאטעמען; ארויסגעבען דונסט, דאמפף אדער פארע; פערוואנדלען אין פארע; אויסדונסטען; זיך בעריהמען; מאכען מעלאנכאליש אדער היפאכאנדריש, ארייננבריינגען אין א שלעכטער שטימונג.

vaporabil'ity *n.* (וויי-פאר-ע-ביל'-אי-טי) אויסדונסטבארקייט, פעהיגקייט זיך צו פערוואנדלען אין פארע אדער דאמפף.

va'porable *a.* (וויי'-פאר-עבל) אויסדונסטבאר, וואס קען ווערען פערוואנדעלט אין דאמפף אדער פארע.

va'por-bath *n.* (וויי'-פאר-בעטה) א דאמפף־באד, א פארע־באד, א שוויץ־באד.

va'por-bur'ner *n.* (וויי'-פאר-בויר'-נער) אן אפאראט צו ברענען קויהלען־וואסערשטאף אין דער פארם פון דאמפף אדער פארע [ווערט געברויכט פאר לאמפען, פאר קאך־אויווענס א. ז. וו.].

va'por-douche *n.* (וויי'-פאר-דוהש) א דאמפף־טוש, א דאמפף־שויער, א דאמפף־שפריץ.

va'pored *a.* (וויי'–פארד) פול מיט דונסט, דאמפף אדער פארע; ניט קלאר, נעבעלדיג; היפאכאנדריש, מעלאנכאליש, מרה־שחורה'דיג.

va'porer *n.* (וויי'–פאר–ער) א בעריהמער; אזא ברוין מאטען־פליגעלע.

vaporif'erous *a.* (וויי–פא–ריפ'–ע–ראס) וואס פראדוציִרט דאמפף.

vaporif'ic *a.* (וויי–פא–ריפ'–איק) וואס פערוואנדעלט אין דאמפף.

va'poriform *a.* (וויי'–פאר–אי–פארם) אין דער פארם פון דאמפף.
Steam is water in its **vaporiform** state.

vaporim'eter *n.* (וויי–פא–רימ'–ע–טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דרוק פון דאמפף; אן אינסטרומענט צו בעשטימען די מאס אלקאהאל אין אלקאהאלישע משקאות דורך דעם דרוק פון זייער דאמפף אויף דעם קוועקזילבער אין דעם אינסטרומענט.

va'poring *n. and a.* (וויי'–פאר–אינג) בעריהמעריי; בעריהמעריש.

va'poringly *adv.* (וויי'–פאר–אינג–לי) מיט בעריהמעריי, אויף א בעריהמערישען אופן, בעריהמעריש.

va'por-inha'ler *n.* (וויי'–פאר–אינ–היי'–לער) אן אינסטרומענט צום לאזען איינאטעמען מעדיצינישע מיטלען אדער איינשלעפערונגס־מיטלען.

va'porisable *a.* (וויי'–פאר–אי–זעבל) ז. *vaporizable*.

vaporisa'tion *n.* (וויי–פאר–אי–זיי'–שאן) ז. *vaporization*.

va'porise *v.* (וויי'–פאר–איז) ז. *vaporize*.

va'porish *a.* (וויי'–פאר–איש) דונסטיג, דאמפפיג, אנגעפילט מיט דאמפף; מרה־שחורה'דיג, היפאכאנדריש, מעלאנכאליש; היסטעריש.

va'porishness *n.* (וויי'–פאר–איש–נעס) מעלאנכאלישקייט, היפאכאנדריע, מרה־שחורה.

va'porizable *a.* (וויי'–פאר–אי–זעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין דאמפף.

vaporiza'tion *n.* (וויי–פאר–אי–זיי'–שאן) אויסדונסטונג, פערוואנדלונג אין פארע.

va'porize *v.* (וויי'–פאר–איז) 1. פערדונסטען, פערוואנדלען אין דונסט אדער פארע; 2. זיך פערדונסטען, זיך פערוואנדלען אין דונסט אדער פארע; 3. אנוועהען א מעלאנכאליע, מאכען היפאכאנדריש אדער מרה־שחורה'דיג.
1. The heat of the sun **vaporizes** the water.

va'porizer *n.* (וויי'–פאר–אי–זער) איינער אדער עטוואס וואס פערוואנדעלט אין דאמפף.

va'porizing-stove *n.* (וויי'–פאר–אי–זינג–סטאוו) אן אויוועלע צו בעזארגען מיט דאמפף אן ארענזשערעע.

va'por-lamp *n.* (וויי'–פאר–לעמפ) אן אפאראט אדער לאמפ צום ברענען קויהלען־וואסערשטאף אין דער פארם פון דאמפף. ז. *vapor-burner*.

va'porole *n.* (וויי'–פא–ראול) אזא דינער גלעזערנער קאפסול וואס ענטהאלט א שטאף צום אויסרויכערען אדער איינאטעמען.

va'porose *a.* (וויי'–פאר–אוס) ז. *vaporous*.

vaporos'ity *n.* (וויי–פא–ראס'–אי–טי) דונסטיגקייט, דאמפפיגקייט, נעבעלדיגקייט.

va'porous *a.* (וויי'–פאר–אס) דאמפפיג, פול מיט דאמפף, פארע אדער אויסדונסטונגען; דאמפף־עהנליך; וואס רופט ארויס גאזען אדער ווינד אין מאגען; אונ'ממשות'דיג, פאנטאסטיש.

va'porously *adv.* (וויי'–פאר–אס–לי) מיט דאמפף, נעבעלדיג; בעריהמעריש.

va'porousness *n.* (וויי'–פאר–אס–נעס) ז. *vaporosity*.

va'por-pan *n.* (וויי'–פאר–פען) א פאן צום פערוואנדלען וואסער אין פארע.

va'por-plane *n.* (וויי'–פאר–פליין) די הויך אין דער לופטען, וואו די אויסדונסטונגען הויבען זיך אן צו פערוואנדלען אין טוי־טראפענס דורך אבקיהלונג.

va'pors *n.* (וויי'–פארז) היפאכאנדרישע אנפעלע, אזא נערווען־קראנקהייט ווען מען זעהט כלומר'שט פערשיעדענע מטושטש'ע בילדער; מעלאנכאליע, אומעטיגקייט, נעדריקטער געמיטה, מרה־שחורה.

va'por-ten'sion *n.* (וויי'–פאר–טענ'–שאן) דער דונסט־דרוק [הויפטזעכליך אין דער לופט], דער דאמפף־דרוק.

va'pory *a.* (וויי'–פאר–אי) ז. *vaporish*.

va'pour *n. and v.* (וויי'–פאר) ז. *vapor*.

va'pourer *n.* (וויי'–פאר–ער) ז. *vaporer*.

vapourif'erous *a.* (וויי–פא–ריפ'–ע–ראס) ז. *vaporiferous*.

vapourif'ic *a.* (וויי–פא–ריפ'–איק) ז. *vaporific*.

va'pouring *n. and a.* (וויי'–פאר–אינג) ז. *vaporing*.

va'pouringly *adv.* (וויי'–פאר–אינג–לי) ז. *vaporingly*.

va'pourish *a.* (וויי'–פאר–איש) ז. *vaporish*.

va'pourishness *n.* (וויי'–פאר–איש–נעס) ז. *vaporishness*.

va'pourizable *a.* (וויי'–פאר–אי'–זעבל) ז. *vaporizable*.

vapouriza'tion *n.* (וויי–פאר–אי–זיי'–שאן) ז. *vaporization*.

va'pourous *a.* (וויי'–פאר–אס) ז. *vaporous*.

va'poury *a.* (וויי'–פאר–אי) ז. *vaporish*.

vaqueri'a *n.* (וועק–ע–ריע'–א) א פיה־צוכט פערמע [א פערמע צו האדעווען בהמות].

vaque'ro *n.* (וועק–קיי'–ראו) א פאסטוך.

var'an *n.* (ווער'–ען) ז. *monitor-lizard*.

var'ec *n.* (ווער'–עק) ווארעק־סאדא, אש־זאלץ פון טאנג. ז. *kelp*.

var'i *n.* (ווער'–אי) אזא לעמור [ז. *macaco*]; פרישטשעס; קרום־פיסיגקייט; קרום־פיסיגע מענשען [ז. *varus*].

variabil'ity *n.* (וויי–רי–ע–ביל'–אי–טי) פערענדערליכקייט; אונבעשטענדיגקייט; אין ביאלאגיע — די פעהיגקייט זיך צו פערענדערען און ווערען פערשיעדען פון דעם פעסטגעשטעלטען טיפ; אין אסטראנאמיע — די פעריאדישע פערענדערליכקייט פון דער ליכטיגקייט פון א שטערן.

va'riable *a. and n.* (וויי'–רי–עבל) פערענדערליך, אונבעשטענדיג; וואס קען גענדערט ווערען; אבווייכענד פון דעם פעסטגעשטעלטען טיפ [וועגען גרופען אדער פלאנצען]; אין גראמאטיק — וואס קען דעקלינירט ווערען אדער קאניוגירט ווערען; וואס ענדערט די ליכטיגקייט [וועגען א שטערן]; אין מאטעמאטיק — וואריאבעל [אונבעשטימט, פערענדערליך]; א וואריאבלע [א פערענדערליכע קוואנטיטעט]; עטוואס פערענדערליכעס אדער אונבעשטענדיגעס; א פערענדערליכער אדער אונבעשטענדיגער ווינד.

va'riableness *n.* (וויי'–רי–עבל–נעס) פערענדערליכקייט; אונבעשטענדיגקייט.

va'riably *adv.* (וויי'–רי–ע–בלי) אויף אן אונבעשטענדיגען אדער אונפערענדערליכען אופן.

va'riance *n.* (וויי'–רי–ענס) פערענדערונג, ענדערונג; אונאיינשטימיגקייט, דאס ניט שטימען; אונאייניגקייט, שטרייטיגקייט.

va'riant *a. and n.* (וויי'–רי–ענט) פערשיעדען; פערענדערליך, אונבעשטענדיג; עטוואס וואס איז טיילווייז פערשיעדען; א פערשיעדענע אויסלעגונג פון ווערטער; א וואריאנט [אן עטוואס פערשיעדענער טעקסט פון א ליטערארישען ווערק].

va'riate *v. and a.* (וויי'–רי–אייט) ענדערען, פערענדערען, מאכען פערשיעדען; פערשיעדען, פערענדערט; פערשיעדענפארביג.

va'riated *a.* (וויי'–רי–איי–טעד) פערשיעדען, פערענדערט.

varia'tion *n.* (וויי–רי–איי'–שאן) א וואריאציאן, א פערענדערונג, אבווייכונג; אין גראמאטיק — ענדערונג פון ווערטער [דורך קאניוגאציאן אדער דעקלינאציאן]; אין ביאלאגיע — אבווייכונג פון דעם פעסטגעשטעלטען טיפ; א וואריאציאן [אין מוזיק — א מאטיוו ווידערהאלט מיט פערשיעדענע פערענדערונגען]; אין אלגעברא — דאס פאלגען פון דעם צייכען פלוס [+] נאך א מינוס [—] אדער פערקעהרט; א פערשיעדענארטיגע צוזאמענשטעלונג פון א גרופע זאכען.

varia'tion-chart *n.* (וויי–רי–איי'–שאן–טשארט) א קארטע, אויף וועלכער עס ווערען דורך ליניען פעראייניגט די פלעצער, וואו עס קומט פאר דיעזעלביגע אבווייכונג פון דער מאגנעט־נאדעל פון דעם קאמפאס. ז. *declination of the compass*.

varia'tion-com'pass *n.* (וויי–רי–איי'–שאן–קאמ'–פעס) אן אבווייכונגס־קאמפאס. ז. *declination compass*.

varia'tion of the moon (וויי–רי–איי'–שאן אוו טהי מוהן) פערענדערליכקייט אין דער שנעלקייט פון דער לבנה'ס בעוועגונג [וואס קומט פון דער צוציהונג פון דער זון].

varicel'la *n.* (ווער–אי–סעל'–א) ווינד־פאקען; וואסער־פאקען [אזא קינדערשע הויט־קראנקהייט].

varicel'lar *a.* (ווער–אי–סעל'–אר) וואס איז שייך צו ווינד־פאקען אדער וואסער־פאקען.

var'ices *n.* (ווער'–אי–סיעז) קראמפף־אדערען, פאנאנדערגעצויגענע בלוט־אדערען; פערטיעפונגען אדער איינשניטע אויף מושלען. ז. *varix*.

var'iciform *a.* (ווער'–אי–סי–פארם) עהנליך צו א קראמפף־אדער [א פאנאנדערגעצויגענער בלוט־אדער]; גוזעוואטע.

var'icocele *n.* (ווער'–אי–קא–סיעל) דער קראמפף־אדער־ברוך [א געשווילעכץ אין דעם מענליכען אייער־בייטעל, וואס בעשטעהט פון פאנאנדערגעצויגענע בלוט־אדערען].

var'icoid *a.* (ווער'–אי–קאיד) ז. *variciform*.

va'ricolored *a.* (וויי'–רי–קאל–ארד) פערשיעדענפארביג, פיעלפארביג, בונט.

varicol'orous *a.* (וויי–רי–קאל'–אר–אס) ז. *varicolored*.

var'icose *a.* (ווער'–אי–קאוס) אויסגע־

דעהנט, פאנאנדערגעצויגען; וואס איז שייך צו קראמפּ־אדערען; וואס ליידט פון קראמפּ־אדערען; וואס היילט קראמפּ־אדערען [פאנאנדערגעצויגענע בלוט־אדערען]; עהנליך צו מושעל־קארבען אדער מושעל־פערטיפונגען.

varicos'ity *n.* (ווער־אי־קאס׳־אי־טי) ז. *varix*

var'icous *a.* (ווער׳־אי־קאס) ז. *varicose*

va'ried *a.* (וויי׳־ריד) 1. פערענדערט, געענדערט; 2. פערשיעדען, פערשיעדענארטיג; 3. פערשיעדענפארביג, פיעלפארביג, בונט.

2. He had a varied experience as a salesman.

va'riedly *adv.* (וויי׳־ריד־לי) פערשיעדען; פערשיעדענארטיג.

va'riegate *v.* (וויי׳־רי־ע־גייט) מאכען פערשיעדענפארביג, צייכנען אדער מאלען מיט פערשיעדענע פארבען.

va'riegated *a.* (וויי׳־רי־ע־גיי־טעד) בונט, פיעלפארביג, פערשיעדענפארביג.

variega'tion *n.* (וויי־רי־ע־גיי׳־שאן) פיעלפארביגקייט, פערשיעדענפארביגקייט, פערשיעדענהייט פון קאלירען; א קרענקהאפטער צושטאנד ביי פלאנצען, ווען זייערע בלעטער ווערען ווייס אדער בעקומען א בלאסערען קאליר.

va'riegator *n.* (וויי׳־רי־ע־גיי־טאר) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פערשיעדענפארביג, פיעלפארביג אדער בונט.

var'ier *n.* (וועהר׳־אי־ער) איינער וואס ווייכט אב, שיידט זיך אב אדער אונטערשיידעט זיך.

vari'etal *a.* (ווע־ראי׳־ע־טעל) וואס איז שייך צו א וואריעטעט, וואס טראגט דעם כאראקטער פון א וואריעטעט. ז. *variety*

vari'etally *adv.* (ווע־ראי׳־ע־טעל־אי) אלס וואריעטעט, ווי א וואריעטעט. ז. *variety*

vari'ety *n.* (ווע־ראי׳־ע־טי) 1. וואריעטעט, פערשיעדענהייט, פערשיעדענארטיגקייט; 2. פערשיעדענארטיגע צוזאמענשטעלונג אדער זאמלונג; 3. פיעלזייטיגקייט, פעהיגקייט צו פערשיעדענע זאכען, דאס טויגען צו פערשיעדענע זאכען; 4. א מין, א סארט, א בעזונדערהייט, א פערשיעדענהייט; אין ביאלאגיע — א וואריעטעט [א גרופע פלאנצען אדער חיות וואס שטעלט מיט זיך פאר א בעזונדערהייט אין דעם מין]; 5. א וואריעטעט־פארשטעלונג [ז. *variety-show*].

1. Variety is the very spice of life. 2. The medallion is beset with a wonderful variety of precious stones. 4. In our garden we have many varieties of roses.

vari'ety-show *n.* (ווע־ראי׳־ע־טי־שאו) א וואריעטעט־פארשטעלונג [א געמישטע פארשטעלונג פון טענץ, געזאנג, אקראבאטישען קונצען, איין־אקטערס א. ז. וו.].

vari'ety-the'ater *n.* (ווע־ראי׳־ע־טי־טהיע׳־ע־טער) א וואריעטעט־טעאטער, א טעאטער פאר וואריעטעט־פארשטעלונגען. ז. *variety-show*

var'iform *a.* (וועהר׳־אי־פארם) פערשיעדענארטיג, פערשיעדענפערמיג.

var'iformed *a.* (וועהר׳־אי־פארמד) ז. *variform*

vari'ola *n.* (ווע־ראי׳־א־לא) פאקען; שווארצע פאקען; בלאטערען.

vari'olar *a.* (ווע־ראי׳־א־לאר) ז. *variolous*

var'iolate *a.* (וועהר׳־אי־א־לייט) עהנליך צו פאקען; ווי געשטופעלט.

var'iolated *a.* (וועהר׳־אי־א־ליי־טעד) קינסטליך אנגעשטעקט מיט פאקען.

variola'tion *n.* (ווע־רי־א־ליי׳־שאן) פאקען־שטעלונג.

var'iole *n.* (וועהר׳־אי־אול) א קליינע פערטיעפונג עהנליך צו א פאק אדער פאקען־צייכען, א שטופעל.

variol'ic *a.* (ווע־רי־אל׳־איק) ז. *variolous*

va'riolite *n.* (וויי׳־רי־א־לאיט) וואריאליט [אזא שטיין וואס זיין איבערפלעכע זעהט אויס ווי בעדעקט מיט פאקען].

varioliza'tion *n.* (וויי־רי־א־לי־זיי׳־שאן) פערוואנדלונג אין וואריאליט, דאס מאכען [א שטיין] עהנליך צו וואריאליט. ז. *variolite*

varioliza'tion *n.* (וויי־רי־אל־אי־זיי׳־שאן) ז. *variolation*

var'ioloid *n. and a.* (וועהר׳־אי־א־לאיד) א לייכטע פארם פון פאקען; עהנליך צו פאקען; עהנליך צו מאזלען.

vari'olous *a.* (ווע־ראי׳־א־לאס) פאקען־ארטיג, ווי פאקען; עהנליך צו פאקען; בעדעקט מיט פאקען־עהנליכע צייכענס [וועגען אינזעקטען].

vari'olo-vac'cine *n.* (ווע־ראי׳־א־לא־וועק׳־סין) פאקען־מאטעריע.

variom'eter *n.* (וויי־רי־אמ׳־ע־טער) א וואריאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די ענדערונגען פון מאגנעטישער קראפט, הויפטזעכליך פון דער ערד].

vario'rum *a.* (ווע־רי־או׳־ראם) וואס האט אנמערקונגען און ערקלערונגען פון פערשיעדענע קריטיקער [וועגען ליטעראַרישע ווערק].

I bought a variorum edition of Shakespeare.

var'ious *a.* (וועהר׳־אי־אס) פערשיעדען; פערשיעדענארטיג; אונבעשטענדיג, פערענדערליך.

var'iously *adv.* (וועהר׳־אי־אס־לי) אויף א פערשיעדענעם אופן; מיט פערשיעדענארטיגקייט; אויף א פערענדערליכען אדער אונבעשטענדיגען אופן.

var'iousness *n.* (וועהר׳־אי־אס־נעס) פערשיעדענהייט; פערשיעדענארטיגקייט; אונבעשטענדיגקייט, פערענדערליכקייט.

va'rix *n.* (וויי׳־ריקס) דער אדער־קראפּ אדער קראמפּ־אדער [א פאנאנדערציהונג פון א בלוט־אדער]; אן איינשניט אדער קארב אויף א מושעל.

var'let *n.* (וואר׳־לעט) א לייב־דיענער; אן אונטערגעארדענטער; א יונגער אדעליגער וואס פלעגט פארצייטענס האלטען אין פארבערייטונג זיך צו ווערען א ריטער; א קערל, א שורקע, א לייזאק.

var'letry *n.* (וואר׳־לעט־רי) דער המון, דער פעבעל, דאס געמיינע פאלק.

var'nish *n. and v.* (וואר׳־ניש) לאקיר, לאק; עטוואס וואס איז עהנליך צו לאק; א גלאנציגעס אויסזעהן; אן אויסערליכער גלאנץ; דאס בעדעקען פון אויבען מיט א גלאנץ; טאפּ־גלאזור; לאקירען; צוגעבען אן אויסערליכען גלאנץ; צודעקען, בעפארבען, בעפוצען פון אויבען.

var'nisher *n.* (וואר׳־ניש־ער) א לאקירער; א בעפארבער, א בעשעהנער, איינער וואס גיט צו אן אויסערליכען גלאנץ.

var'nishing-day *n.* (וואר׳־ניש־אינג־דיי) א טאג פאר דער עפנונג פון א בילדער־אויסשטעלונג [ווען די מאהלער רעטושירען אדער לאקירען איבער די בילדער].

var'nish-tree *n.* (וואר׳־ניש־טריע) א לאק־בוים, א לאקיר־בוים [א בוים, וועמעס זאפט דיענט אלס לאקיר].

var'sal *a.* (וואר׳־סעל) אלוועלטליך. ז. *universal*

var'sity *n.* (וואר׳־סי־טי) ז. *university*

va'rus *n.* (וויי׳־ראס) א פוס־אויסקרימונג; א קרום־פיסיגער.

var'vels *n.* (וואר׳־וועלז) זילבערנע פוס־רינגען מיט דעם נאמען פון אייגענטימער וואס מען טהוט אן יאגד־פאלקען [סאקאלען].

var'y *v.* (וועהר׳־אי) 1. ענדערען, פערענדערען; זיך פערענדערען; 2. מאכען פערשיעדען אדער פערשיעדענארטיג; זיין פערשיעדען אדער פערשיעדענארטיג; 3. אבוויכען; 4. ניט איינשטימען, ניט הארמאנירען; 5. אין מוזיק — מאכען וואריאציאנען [וויעדערהאלען א מאטיוו אויף א פערשיעדענעם שטייגער].

1. We were compelled to vary our plans. 2. Workers vary in skill. 4. I knew we were bound to vary in our opinions.

vas *n.* (וועס) א פליסיגקייטס־געפעס פון קערפער [ווי א בלוט־אדער, א קאנאל פאר פערשיעדענע פליסיגקייטען אין קערפער א. ז. וו.].

va'sal *a.* (וויי׳־סעל) וואס איז שייך צו א פליסיגקייטס־געפעס פון קערפער [ווי למשל, א בלוט־געפעס אדער בלוט־אדער].

vas'cular *a.* (וועס׳־קיו־לאר) וואס איז שייך צו א פליסיגקייטס־געפעס פון קערפער [וואו עס געהען דורך פערשיעדענע פליסיגקייטען, ווי למשל, א בלוט־ארטעריע] אדער צו זאפט־געפעס [ביי פלאנצען]; וואס האט פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס.

vascular'ity *n.* (וועס־קיו־לער׳־אי־טי) דאס בעשטעהן פון פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס; דאס פערמאגען פיעל פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס. ז. *vascular*

vasculariza'tion *n.* (וועס־קיו־לאר־אי־זיי׳־שאן) דאס בעקומען [פיעלע אדער נייע] פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס. ז. *vascular*

vas'cularize *v.* (וועס׳־קיו־לאר־איז) בעזארגען מיט פליסיגקייטס־געפעס, בלוט־אדערען אדער זאפט־געפעס. ז. *vascular*

vas'cularly *adv.* (וועס׳־קיו־לאר־לי) מיט דער הילף פון פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס; אין בעצוג צו דער סיסטעם פון פליסיגקייטס־געפעס אדער זאפט־געפעס. ז. *vascular*

vas'culomotor *a.* (וועס׳־קיו־לא־מאו־טאר) ז. *vasomotor*

vas'culum *n.* (וועס׳־קיו־לאם) א באטאניקער׳ס קעסטעל פאר די געזאמעלטע פלאנצען; א פליסיגקייטס־געפעס אין קערפער [ווי למשל, א בלוט־אדער]; דער פעניס, דער מענליכער געשלעכטס־גליעד.

vase *n.* (וויים) א וואזע; א וואזע־עהנליכע בעציערונג; דער קאפּ פון א קארינטישען זייל.

vase'-clock *n.* (וויים׳־קלאק) א וואזע־זייגער [א זייגער אין דער פארם פון א וואזע].

vase'ful *n.* (וויים׳־פול) א פולע וואזע, אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין א וואזע.

vas'eline *n.* (וועס׳־ע־ליין) וואזעלין.

vase'-pain'ting *n.* (וויים׳־פיין׳־טינג) וואזעס־דעקאראציאנען.

vasifac'tive *a.* (וועס־אי־פעק׳־טיוו) וואס פראדוצירט נייע בלוט־אדערען.

vol'ubilate *a.* (וואל'-יו-בי-לייט) אין באטאניק — קלעטערענד, קריכענד, וואס דרעהט זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען [וועגען א פלאנצע].

vol'ubile *a.* (וואל'-יו-ביל) ז. *volubilate*.

volubil'ity *n.* (וואל-יו-ביל'-אי-טי) פליסיגקייט, געלויפיגקייט, לייכטקייט, גלאטקייט [אין ריידען]; פלוידעריי; דרעהבארקייט, דאס דרעהען זיך; פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט.

vol'uble *a.* (וואל'-יובל) פליסיג, געלויפיג, גלאט, לייכט [אין ריידען]; פלאפלעריש, פלוידעריש; וואס קען זיך לייכט דרעהען אדער ראלען; זיך דרעהענד, ראלענד; אין באטאניק — קלעטערענד, וואס דרעהט זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען.

vol'ubleness *n.* (וואל'-יובל-נעס) ז. *volubility*.

vol'ubly *adv.* (וואל'-יו-בלי) פליסיג, געלויפיג, גלאט, לייכט [אין ריידען]

vol'ucrine *a.* (וואל'-יו-קרין) וואס איז שייך צו פויגלען, פון פויגלען; פויגעלעהנליך.

vol'ume *n. and v.* (וואל'-יום) א בוך, א באנד; א ראלע [פון פארמעט, פאפירוס אדער קארע, אויף וואס אמאליגע מאנוסקריפטען פלעגען זיך שרייבען], א מגילה; אן אבגערונדעטע, צונויפגעראלטע אדער צונויפגעוויקעלטע מאסע, א קנויל, א ספיראלע; דאס וואלומען, דער אומפאנג. די גרויס, די מאסע; די צאהל פון קובישע איינהייטען [מעטרען, יארדען א. ד. ג.] וועלכע עס ענטהאלט אין זיך א סאלידער קערפער; אין מוזיק — דער אומפאנג, רונדקייט אדער פולקייט פון טאן זיך פאנאנדערוואקסען, ווערען גרעסער אין אומפאנג.

vol'umed *a.* (וואל'-יומד) קנויל=פערמיג, ספיראל=פערמיג; וואס בעשטעהט פון צוזאמענגעראלטע אדער צונויפגעוויקעלטע מאסען; מאסיוו, סאליד, שווער; וואס ענטהאלט [א געוויסע צאהל] בענדער.

volumenom'eter *n.* (וואל-יו-מע-נאמ'-ע-טער) א וואלומענאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם רוים=אינהאלט פון א פעסטען קערפער דורך בעשטימען די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון דעם פעסטען קערפער, ווען ער ווערט אריינגעלעגט אין דער פליסיגקייט]

volumenom'etry *n.* (וואל-יו-מע-נאמ'-ע-טרי) דאס מעסטען דעם רוים=אינהאלט פון א פעסטען קערפער מיט דער הילף פון א וואלומענאמעטער. ז. *volumenometer*.

vol'umes of air (וואל'-יומז אוו עהר) לופט=מאסען.

vol'umeter *n.* (וואל'-יו-מי-טער) אין כעמיע און פיזיק — א גאז=מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם רוים=אינהאלט פון א גאז דורך בעשטימען די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון דעם גאז, ווען ער ווערט אריינגעלאזען אין א גראדואירטער גלאז=רעהר וועלכע איז אנגעפילט מיט דער פליסיגקייט]. ז. *graduated tube*.

volumet'ric *a.* (וואל-יו-מעט'-ריק) וואס איז שייך צום מעסטען פון דעם רוים=אינהאלט.

volumet'rical *a.* (וואל-יו-מעט'-רי-קעל) ז. *volumetric*.

volumet'rically *adv.* (וואל-יו-מעט'-רי-קעל-אי) דורך א מאס=אנאליזע אדער טיטרירונג. ז. *titrate*.

volumet'ric anal'ysis (וואל-יו-מעט'-ריק ע-נעל'-אי-סיס) א מאס=אנאליזע, טיטרירונג. ז. *titrate*.

volumet'ric in'strument (וואל-יו-מעט'-ריק אינ'-סטרו-מענט) א טיטריר=אפאראט. ז. *titrate*.

volu'minal *a.* (ווא-ליו'-מי-נעל) וואס איז שייך צו אומפאנג, גרויס אדער מאסע.

voluminos'ity *n.* (ווא-ליו-מי-נאס'-אי-טי) גרויסקייט; דיקקייט; לאנגקייט, פאנאנדערגעצויגענקייט; פיעל=בענדערדיגקייט [וועגען ביכער].

volu'minous *a.* (ווא-ליו'-מי-נאס) גרויס; פיעל=בענדערדיג, וואס בעשטעהט פון פיעל בענדער; וואס האט פיעל געשריבען, זעהר פראדוקטיוו; פאנאנדערגעצויגען; לאנג.

volu'minously *adv.* (ווא-ליו'-מי-נאס-לי) אויף א לאנגען אדער פאנאנדערגעצויגענעם שטייגער; אין גרויסער צאהל אדער מאסע.

volu'minousness *n.* (ווא-ליו'-מי-נאס-נעס) לאנגקייט, פאנאנדערגעצויגענקייט; גרויסקייט, דיקקייט, גרויסקייט אין אומפאנג.

vol'untarily *adv.* (וואל'-אנ-טע-רי-לי) פרייוויליג; פון זיך זעלבסט.

vol'untariness *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-נעס) פרייוויליגקייט.

vol'untary *a. and n.* (וואל'-אנ-טע-רי) פרייוויליג; זעלבסטשטעהענד; פריי האנדלענד; וואס האט א פרייען ווילען; וואס איז פריי צו האנדלען לויט זיין אייגענעם ווילען; וואס איז קאנטראלירט אדער רעגולירט פון דעם ווילען; אבזיכטליך, בעאבזיכטיגט [ניט צופעליג]; וואס איז שייך צו דעם פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטערריכט; אן אנהענגער פון דעם פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטערריכט [ז. *voluntary principle*]; א פרייוויליגער; א פרייוויליגע ארבייט; א סאלא וואס ווערט געשפיעלט פון אן ארגעל אין א קירך ביי א גאטעסדיענסט.

vol'untary a'gent (וואל'-אנ-טע-רי איי'-דזשענט) ז. *free agent*.

vol'untary contribu'tions (וואל'-אנ-טע-רי קאנ-טרי-ביו'-שאנז) פרייוויליגע בייטרעגע, נדבות.

vol'untaryism *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-איזם) ז. *voluntary principle*.

vol'untaryist *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-איסט) אן אנהענגער פון פרייוויליגקייט [הויפטזעכליך אין רעליגיאן]. ז. *voluntary principle*.

vol'untary parti'tion (וואל'-אנ-טע-רי פאר-טיש'-אן) א פאנאנדערטיילונג פון לאנד וואס ווערט געמאכט דורך געגענזייטיגער איינשטימונג פון די יורשים אהן א געריכטס=פראצעס.

vol'untary prin'ciple (וואל'-אנ-טע-רי פרינ'-סיפל) דער פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטערריכט

[דער פרינציפ אז רעליגיעזע אינסטיטוציאנען אדער בילדונגס=אנשטאלטען דארפען אויסגעהאלטען ווערען ניט פון דעם שטאאט, נאר פון פרייוויליגע בייטרעגע פון די געמיינדע=מיטגליעדער].

vol'untary school (וואל'-אנ-טע-רי סקוהל) אן עלעמענטארע שול אין ענגלאנד וועלכע ווערט אונטערשטיצט פון פרייוויליגע בייטרעגע און ווערט געוועהנליך אנגעפיהרט פון א רעליגיעזער קערפערשאפט.

vol'untary sys'tem (וואל'-אנ-טע-רי סיס'-טעם) ז. ***voluntary principle***

volunteer' *n., a. and v.* (וואל-אנ-טיער') א פרייוויליגער; א וואלאנטער; אין געזעץ — איינער וואס קריעגט בעזיץ=רעכט אויף אייגענטום אהן א געגען=בעלוינונג פון זיין זייט; פרייוויליג, וואס דיענט פרייוויליג; וואס בעשטעהט פון פרייוויליגע; געבען אדער לייסטען פרייוויליג, מנדב זיין; זיך פרייוויליג אנשלאגען, זיך אנבאטען; דיענען אלס פרייוויליגער.

volunteer' com'pany (וואל-אנ-טיער' קאמ'-פע-ני) א ראטע פרייוויליגע סאלדאטען.

volup'tuary *a. and n.* (ווא-לאפ'-טשו-ע-רי) וואס איז שייך צו לוקסוס אדער תאוה; וואס העלפט ענטוויקלען לוקסוס אדער תאוה'דיגע פערגניגענס; תאוה'דיג; א בעל=תאוה.

voluptuos'ity *n.* (ווא-לאפ-טשו-אס'-אי-טי) ז. ***voluptuousness***

volup'tuous *a.* (ווא-לאפ'-טשו-אס) תאוה'דיג; וואס דערוועקט תאוה; וואס איז פערבראכט אדער פערשוועגדעט אין תאוות אדער לוקסוס.

volup'tuously *adv.* (ווא-לאפ'-טשו-אס-לי) אויף א תאוה'דיגען אופן; אין לוקסוס, אין פערגניגענס.

volup'tuousness *n.* (ווא-לאפ'-טשו-אס-נעס) תאוה'דינקייט; דאס פערברייגען אין לוקסוס, פערגניגענס אדער תאוה.

voluta'tion *n.* (וואל-יו-טיי'-שאן) וואלצונג, קייקלונג.

volute' *n.* (ווא-ליוט') אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אויף'ן קאפ פון א זייל אין דער פארם פון א ספיראלע; אזא מאלוסקעל=טהיער וואס ליעגט אין א ספיראל=פערמיגען מושעל.


Volute

volute'-spring *n.* (ווא-ליוט'-ספרינג) א מעטאלענע פרוזשינע וואס איז געוויקעלט ווי א ספיראלע אין דער פארם פון א קאנוס.

Volute-spring

vol'vulus *n.* (וואל'-וויו-לאס) צוזאמענדרעהונג פון די געדערים וואס פעראורזאכט זייער פערשליסונג אדער פערשפארונג.

vom'ic *a.* (וואמ'-איק) מיט מאטעריע, אייטערדיג.

vom'ica *n.* (וואמ'-אי-קא) אן אויסהוילונג אדער פערטיעפונג אין דער לונג, וואס ווערט פעראורזאכט פון א קראנקהייט און ענטהאלט מאטעריע אדער אייטער.

vom'ic-nut *n.* (וואמ'-איק-נאט) ז. ***vomit-nut***

vom'it *v. and n.* (וואמ'-איט) ברעכען, מייקענען; אויסברעכען, אויסמייקענען; ארויסשטויסען פון זיך מיט געוואלט, אויסשפייען, ארויסווארפען [ווי פלאמען, רויך אדער אש]; ארויסגעשטויסען ווערען מיט געוואלט, ווערען אויסגעשפיגען אדער ארויסגעווארפען; דאס אויסגעבראכענע; א ברעך=מיטעל; דאס ברעכען, דאס מייקענען.

vom'iting *n.* (וואמ'-אי-טינג) דאס ברעכען, דאס מייקענען; דאס אויסגעבראכענע.

vom'itingly *adv.* (וואמ'-אי-טינג-לי) ווי אויסברעכענדיג, ווי אויסמייקענענדיג.

vomi'tion *n.* (ווא-מיש'-אן) דאס ברעכען, דאס מייקענען.

vom'itive *a.* (וואמ'-אי-טיוו) וואס רופט ארויס ברעכען.

vom'itive po'tion (וואמ'-אי-טיוו פאו'-שאן) א ברעך=געטראנק, א ברעך=מיטעל.

vom'it-nut *n.* (וואמ'-איט-נאט) די יאדרע אדער קערנדעל פון דעם ברעך=נוס. ז. ***nux vomica***

vom'ito *n.* (וואמ'-אי-טאו) דאס געלע פיבער, דאס געלע קדחת.

vom'itory *a. and n.* (וואמ'-אי-טא-רי) וואס רופט ארויס ברעכען; א ברעך=מיטעל; אין אלט=רוימישער ארכיטעקטור — א הויפט=אריינגאנג אין א טעאטער אדער אמפיטעאטער.

vomituri'tion *n.* (וואמ-אי-טיו-ריש'-אן) אומזיסטע אנשטרענגונג צו ברעכען; דאס אויסמייקענען א ביסעל; דאס מייקענען מיט קליינער אנשטרענגונג.

voodoo' *n., a. and v.* (וואוה-דוה') וואודואיזם; איינער וואס פראקטיצירט וואודואיזם; וואס איז שייך צו וואודואיזם; פראקטיצירען וואודואיזם. ז. ***voodooism***

voodoo'ism *n.* (וואוה-דוה'-איזם) וואודואיזם, כשוף, לחשים און פערשיעדענע אבערגלויבערישע צערעמאניעס וואס ווערען פראקטיצירט ביי די אינדיאנער פון דרום=אמעריקא און אויך ביי די דארטיגע קרעאלען און נעגערם.

vora'cious *a.* (ווא-ריי'-שאס) פרעסעריש, פרעסגיעריג; זשעדנע; רויבעריש, רויבגיעריג; וואס איז גרייט איינצושלינגען [ווי א שטראם].

vora'ciously *adv.* (ווא-ריי'-שאס-לי) אויף א פרעסערישען אופן; מיט זשעדנעקייט; מיט אן אונגעהייערען אפעטיט.

vora'ciousness *n.* (ווא-ריי'-שאס-נעס) פרעסערישקייט, פרעס=גיעריגקייט; זשעדנעקייט.

vorac'ity *n.* (ווא-רעס'-אי-טי) ז. ***voraciousness***

vorag'inous *a.* (ווא-רעדזש'-אי-נאס) איינשלינגענד; אויפפרעסענד; וואס איז שייך צו א שטארקען שטראם, אבגרונד אדער ווירבעל=שטראם.

vora'go *n.* (ווא-ריי'-גאו) אן אבגרונד, א תהום, א שלונד.

vor'tex *n.* (וואהר'-טעקס) א ווירבעל=שטראם [א מאסע וואסער אדער אנדער פליסיגקייט, וואס דרעהט זיך זעהר שנעל קרייז=פערמיג, אויסבילדענדיג א פערטיעפונג אין דער פארם פון א לייקע, אין וועלכער עס ווערט אריינגעצויגען יעדע זאך, וואס קומט מיט איהר אין נאהענטער בעריהרונג]; אין פיזיק — א טייל פון א פליסיגקייט, וואו יעדעם טיילכעלע מאכט א קרייז=פערמיגע בעוועגונג; יעדע בעוועגונג וואס איז עהנליך צו א ווירבעל=שטראם; א ווירבעל=ווינד.

vor'tex-wheel *n.* (וואהר'-טעקס-הוויעל) א טורבינע. ז. ***turbine***

vor'tical *a.* (וואהר'-טי-קעל) ווירבלענד; וואס דרעהט זיך אין דער פארם פון א ווירבעל=שטראם. ז. ***vortex***

vor'ticel *n.* (וואהר'-טי-סעל) א ווירבעל=חיה'לע [א מין אינפוזאריע].

vor'ticell *n.* (וואהר'-טי-סעל) ז. ***vorticel***

vorti'cial *a.* (וואהר-טיש'-על) ז. ***vortical***

vor'ticose *a.* (וואהר'-טי-קאוס) ז. ***vortical***

vortig'inous *a.* (וואהר-טידזש'-אי-נאס) וואס בעוועגט זיך קרייז=פערמיג ווי א ווירבעל=שטראם.

vo'taress *n.* (וואו'-טע-רעס) א שטארקע אנהענגערין פון עפעס; א פערעהרערין, א פערגעטערין.

vo'tarist *n.* (וואו'-טע-ריסט) ז. ***votary***

vo'tary *a. and n.* (וואו'-טע-רי) געווידמעט צו עפעס; איינגעוויהט; איינער וואס גיט זיך שטארק איבער צו עפעס; א שטארקער אנהענגער פון עפעס; א פערעהרער, א פערגעטערער.

vota'tion *n.* (ווא-טיי'-שאן) דאס שטימען, דאס אבגעבען די שטימע.

vote *n. and v.* (וואוט) דער וואטום, די וואהל=שטימע; דאס שטימען, די אבשטימונג; די ענטשיידונג פון א געוויסער פראגע דורך א מעהרהייט פון שטימען; באלאטירען, וואטירען, שטימען, אבגעבען די שטימע; ערוועהלען איינעם אדער ענטשיידען עפעס דורך א מעהרהייט שטימען; האבען וואהלרעכט.

vote a straight tick'et (וואוט ע סטרייט טיק'-עט) שטימען פאר דער גאנצער ליסטע קאנדידאטען, וועלכע א געוויסע פארטיי האט ארויסגעשטעלט.

vote by prox'y (וואוט באי פראק'-סי) דאס שטימען דורך א שטעלפערטרעטער.

vote down (וואוט דאון) נידערשטימען; פערווארפען [א פארשלאג] דורך אן אבשטימונג; מאכען א סוף צו עפעס.

vote in (וואוט אין) ערוועהלען דורך אן אלגעמיינער אבשטימונג.

He was **voted in** by a handsome majority.

vote'less *a.* (וואוט'-לעס) אהן שטים=רעכט.

vote of thanks (וואוט אוו טהענקס) אן אלגעמיינע אבשטימונג צו בעדאנקען איינעם פאר זיין טהעטיגקייט אדער גוטע דיענסטע.

vo'ter *n.* (וואו'-טער) א שטים=געבער; איינער וואס האט שטים=רעכט אדער דאס רעכט צו וועהלען.

vote'-recor'der *n.* (וואוט'-רי-קאהר'-דער) אן עלעקטרישער אפאראט, וואס פערצייכענט די שטימען פאר און געגען.

vote straight (וואוט סטרייט) ז. ***vote a straight ticket***

vo'ting *n.* (וואו'-טינג) דאס שטימען.

vo'ting-machine' *n.* (וואו'-טינג-מע-שין') אזא מאשין וואס דיענט צו פערצייכנען און צוזאמענרעכנען די שטימען וואס זיינען אבגעגעבען געווארען ביי די וואהלען.

vo'ting-pa'per *n.* (וואו'-טינג-פיי'-פער) א שטים=צעטעל.

vo'tive *a.* (וואו'-טיוו) געווידמעט; געהיילגט צו; געוויהט; וואס איז פערשפראכען געווארען אדער געגעבען געווארען לויט א נדר.

vo'tively *adv.* (וואו'-טיוו-לי) דורך א נדר; לויט א פייערליכער פערשפרעכונג.

vo'tive mass (וואו'-טיוו מעס) א תפילה אין קירך, וועלכע ווערט פערפאסט פון גלח צוליעב א ספעציעלער זאך.

vo'tiveness *n.* (וואו'-טיוו-נעס) דאס

זיין געהייליגט, געווידמעט, געוויהט אדער פערשפראכען דורך א נדר.

vo'tive of'fering (וואו'-טיוו אפ'-ער-אינג) א טאבלעט, א בילד אדער סטאטוע וואס ווערט געווידמעט פאר א געוויסען הייליגען אין א קירך.

vouch *v. and n.* (וואוטש) בעווייזען, בעשטעטיגען; בעקרעפטיגען; גאראנטירען, דיענען אלס גאראנטיע אדער זיכערונג; זיין אן עדות פאר עפעס; אין דער אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — ארויסרופען איינעם צום געריכט, אז ער זאל צייגען אדער בעשטעטיגען זיין רעכט אויף עפעס; א צייגניס, א בעשטעטיגונג; א גאראנטיע פאר עפעס.

vouchee' *n.* (וואו-טשיע') איינער וואס ווערט גערופען אלס עדות צו בעשטעטיגען א געוויסעס רעכט.

vou'cher *n.* (וואו'-טשער) אן ערב, א גאראנטירער; א גאראנטיע, א צייגניס; עטוואס וואס דיענט צו גאראנטירען אדער בעשטימען עפעס; אין דער אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — איינער וואס רופט א צווייטען אין געריכט, אז ער זאל בעשטעטיגען דעם ערשטענס רעכט אויף עפעס.

vouch'ment *n.* (וואוטש'-מענט) א בעשטעטיגונג, א צייגניס, א פערזיכערונג.

vou'chor *n.* (וואו'-טשאר) אין אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — איינער וואס רופט א צווייטען אין געריכט, אז ער זאל בעשטעטיגען דעם ערשטענס רעכט אויף עפעס.

vouchsafe' *v.* (וואוטש-סייף') ערלויבען; נאכגעבען; ווירדיגען, צוליעב טהאן.

vouchsafe'ment *n.* (וואוטש-סייף'-מענט) ערלויבניס; נאכגעבונג; ווירדיגונג; דאס צוליעב טהאן.

voudou' *n.* (וואו-דוה') ז. *voodoo*

voudou'ism *n.* (וואו-דוה'-איזם) ז. *voodooism*

vouge *n.* (וואוזש) ז. *voulge*

vough *n.* (וואג) ז. *vug*

voulge *n.* (וואולזש) א מין לאנגע שפיציגע האק וואס האט געדיענט אלס געוועהר אין מיטעלאלטער.

voussoir' *n. and v.* (וואוה-סואר') אין ארכיטעקטור — דער געוועלב-שטיין [א קלינפערמיגער שטיין וואס ווערט בענוצט אין מויערען אן ארקע אדער געוועלב]; מויערען אן ארקע מיט געוועלב-שטיינער.

vow *n. and v.* (וואו) א פייערליכעס פערשפרעכען; א נדר, א שבועה; די ווידמונג, די הייליגונג צו עפעס; הייליגען צו עפעס; ווידמען, מנדר זיין; שווערען.

vow'-breach *n.* (וואו'-בריעטש) דאס ברעכען א נדר אדער שבועה.

vow'-break *n.* (וואו'-ברייק) ז. *vow-breach*

vow'-brea'ker *n.* (וואו'-בריי'-קער) איינער וואס ברעכט א נדר אדער שבועה.

vow'el *n., a. and v.* (וואו'-על) א וואקאל, א וואקאל-בוכשטאב [א בוכשטאב וואס ווערט פריי ארויסגעשפראכען פון זיך אליין, אהן דער הילף פון אן אנדער בוכשטאב]; וואקאליש, וואס איז שייך צו א וואקאל; ארייננשטעלען וואקאל-בוכשטאבען. ז. *vocal*

vow'elism *n.* (וואו'-על-איזם) דאס ברויכען אין שריפט וואקאל-בוכשטאבען.

vow'elist *n.* (וואו'-על-איסט) איינער וואס ברויכט אין שרייבען וואקאל-בוכשטאבען.

vow'elize *v.* (וואו'-על-איז) אריינשטעלען וואקאל-בוכשטאבען [ווי אין דעם ווארט "שבת" — שַבָּת].

vow'elled *a.* (וואו'-עלד) מיט וואקאלען, מיט וואקאל-בוכשטאבען, מיט תנועות.

vow'elless *a.* (וואו'-על-לעס) אהן וואקאלען, אהן תנועות.

vow'elly *a.* (וואו'-על-אי) פול מיט וואקאלען; וואס כאראקטעריזירט זיך מיט וואקאלע קלאנגען.

vow'er *n.* (וואו'-ער) איינער וואס טהוט א נדר, א בעל נדר.

vow'less *a.* (וואו'-לעס) ניט געבונדען דורך א נדר אדער שבועה.

vox *n.* (וואקס) א קול, א שטימע.

voy'age *n. and v.* (וואי'-עדזש) א רייזע [אויף'ן וואסער]; דער גאנג פון א שיף הין און צוריק פון א פארט צו א פארט; לאזען זיך אין א נסיעה איבער'ן ים; ארומפאהרען, ארומרייזען.

voy'ageable *a.* (וואי'-עדזש-עבל) וואו מען קען ארומפאהרען; וואס מען קען בערייזען מיט א שיף.

voy'ager *n.* (וואי'-עדזש-ער) א רייזענדער, איינער וואס רייזט אויף'ן ים.

voyageur' *n.* (וואוא-יא-זשויר') אין דער צייט פון דער ערשטער קאלאניזאציאן אין נארד-אמעריקא — איינער וואס האט זיך בעשעפטיגט מיט איבערפיהרען מענשען און פראדוקטען פון איין האנדעלס-סטאנציע [פאר רויכווארג] צו דער צווייטער.

voy'aging *n.* (וואי'-עדזש-אינג) דאס פאהרען איבער'ן ים; דאס ארומפאהרען.

V. P. *vice-president* ראשי תבות פון [וויצע-פרעזידענט].

vraisemblance' *n.* (וורייז-סאנ-בלאנס') וואהרשיינליכקייט.

V. S. *veterinary surgeon* ראשי תבות פון די ווערטער [א וועטערינאר, א דאקטאר פון בהמות].

vs. *versus* אבקירצונג פון

V-shaped *a.* (ווי'-שייפט) וואס האט די פארם פון בוכשטאב *V*.

v. t. *verb transitive* ראשי תבות פון

Vt. *Vermont* פערקירצונג פון [ווערמאנט, א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

vug *n.* (וואג) אין בערג-ארבייט — א לאך אדער שפאלט אין אן ערץ-אדער אדער פעלז.

Vul'can *n.* (וואל'-קען) אין דער רוימישער מיטאלאגיע — וואולקאן, דער גאט פון פייער און פון שמיעדעריי; אזא פלאנעט צווישען דער זון און דעם מערקור [די עקזיסטענץ פון דיעזען פלאנעט איז וויסענשאפטליך נאך ניט בעגריינדעט געווארען].

Vulcana'lia *n.* (וואל-קע-ניי'-לי-א) די וואולקאנאליען [א יום טוב ביי די פארצייטיגע רוימער לכבוד וואולקאן, דעם גאט פון פייער].

Vulca'nian *a.* (וואל-קיי'-ני-ען) וואס איז שייך צום רוימישען גאט וואולקאן [דער גאט פון פייער]; וואס איז שייך צו דער טעאריע פון די וואולקאניסטען [ז. *Vulcanist*].

Vulcan'ic *a.* (וואל-קען'-איק) וואס איז שייך צו וואולקאן [דער גאט פון פייער ביי די פארצייטיגע רוימער].

vulcan'ic *a.* (וואל-קען'-איק) וואולקאניש, וואס איז שייך צו וואולקאנען אדער פייער-שפייענדע בערג.

vulcanic'ity *n.* (וואל-קע-ניס'-אי-טי) ז. *volcanicity*

vul'canisable *a.* (וואל'-קען-אי-זעבל) ז. *vulcanizable*

vulcanisa'tion *n.* (וואל-קען-אי-זיי'-שאן) ז. *vulcanization*

vul'canism *n.* (וואל'-קען-איזם) ז. *volcanism*

Vul'canist *n.* (וואל'-קען-איסט) א וואולקאניסט, אן אנהענגער פון דער טעאריע אין געאלאגיע, אז די פארם פון דעם ערד-קוגעל, ווי די בערג, די טאלען און די פעלזען, האט זיך אויסגעבילדעט דורך דער ווירקונג פון וואולקאנישע קרעפטען, ד. ה. א דאנק דעם אינערליכען פייער פון דער ערד [אין געגענזאץ צו דער טעאריע פון די נעפטוניסטען. ז. *Neptunist*].

vul'canite *n.* (וואל'-קען-איט) וואולקאניט [א מין זעהר הארטע גומי].

vul'canizable *a.* (וואל'-קען-אי-זעבל) וואס קען וואולקאניזירט ווערען.
ז. *vulcanization*

vulcaniza'tion *n.* (וואל-קען-אי-זיי'-שאן) וואולקאניזאציאן [א מעטאדע צו מאכען הארט גומי אדער קאוטשוק דורך דער ווירקונג פון שוועבעל-שטאף אדער דורך א הויכער טעמפעראטור]; פערהארטונג.

vul'canize *v.* (וואל'-קען-איז) וואולקאניזירען, אונטערווארפען אונטער דעם פראצעס פון וואולקאניזאציאן; פערהארטעווען. ז. *vulcanization*

vul'canizer *n.* (וואל'-קען-אי-זער) אן אפאראט וואס ווערט בענוצט צו וואולקאניזירען אדער הארט מאכען גומי.

vulca'no *n.* (וואל-קיי'-נאו) ז. *volcano*

vulcanolog'ical *a.* (וואל-קע-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *volcanological*

vulcanol'ogy *n.* (וואל-קע-נאל'-א-דזשי) ז. *volcanology*

vul'gar *a. and n.* (וואל'-גאר) וואולגאר, פעבעלהאפט, געמיין, נידריג, גראב, פראסט; געוועהנליך, איינפאך; דער פעבעל, דאס געמיינע פאלק, דער המון; די שפראך אדער אויסדריקע פון דעם המון.

vulga'rian *n.* (וואל-גיי'-רי-ען) א וואולגערע פערזאן, א מענש מיט גראבע מאניערען אדער אויסדריקע.

vulgarisa'tion *n.* (וואל-גאר-אי-זיי'-שאן) ז. *vulgarization*

vul'garise *v.* (וואל'-גאר-איז) ז. *vulgarize*

vul'garism *n.* (וואל'-גאר-איזם) וואולגאריסמען, גראבקייט; גראבע מאניערען אדער אויסדריקע.

vulgar'ity *n.* (וואל-גער'-אי-טי) וואולגאריטעט, פעבעלהאפטיגקייט, געמיינהייט, גראבקייט.

vulgariza'tion *n.* (וואל-גאר-אי-זיי'-שאן) דאס וואולגאריזירען, דאס מאכען וואולגאר, געמיין, גראב; א ברייטע פערשפרייטונג, א ברייטע בעקאנטמאכונג [פון אידעען].

vul'garize *v.* (וואל'-גאר-איז) וואולגאריזירען, מאכען וואולגאר אדער פעבעלהאפט; מאכען פראסט אדער געמיין.

vul'gar lan'guage (וואל'-גאר לענ'-גוועדזש) א וואולגארע שפראך, די אונגעבילדעטע פאלקס-שפראך; גראבע רייד.

vul'garly *adv.* (וואל'-גאר-לי) אויף א וואולגארען, געמיינעם אדער גראבען שטייגער.

vul'garness *n.* (וואל'-גאר-נעס) ז. *vulgarity*

Vul'gate *n. and a.* (וואַל'-גייט) די וואולגאַטאַ [די לאַטייניש איבערזעצונג פון דער ביבעל]; וואָס איז שייך צו דער וואולגאַטאַ.

vul'gate *a. and n.* (וואַל'-גייט) געוועהנ־ליך, אַלגעמיין; וואָס איז אָנגענומען פון אַלעמען; פּאָפּולער; די אונגעבילדעטע פאָלקס־שפּראַך.

vul'gus *n.* (וואַל'-גאַס) דאָס פאָלק, דער המון.

vulnerabil'ity *n.* (וואַל-נע-רע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען פערוואונדעט ווערען; דאָס קענען אַנגעגריפען ווערען.

vul'nerable *a.* (וואַל'-נע-רעבל) פער־וואונדבאַר, וואָס קען פערוואונדעט ווערען; וואָס קען אַנגעגריפען ווערען.

vul'nerableness *n.* (וואַל'-נע-רעבל-נעס) ז. ***vulnerability***

vul'nerary *a. and n.* (וואַל'-נע-רע-רי) וואָס היילט וואונדען; אַ וואונד־מי־טעל, אַ מיטעל צו וואונדען.

vul'nerose *a.* (וואַל'-נע-ראָוס) בעדעקט מיט וואונדען.

vulnif'ic *a.* (וואַל-ניפ'-איק) פערוואונ־דענד; וואָס מאַכט אַן וואונדען.

vulnif'ical *a.* (וואַל-ניפ'-אי-קעל) ז. ***vulnific***

vul'nus *n.* (וואַל'-נאַס) אַ וואונד.

vulpec'ular *a.* (וואַל-פּעק'-יו-לאַר) פוקסענער; פוקסיש.

Vul'pes *n.* (וואַל'-פּיז) דער מין פוקסען.

vul'picide *n.* (וואַל'-פּי-סאַיד) דאָס הרג'ענען אַ פוקס; אַ פוקסען־שלעגער.

vul'pine *a.* (וואַל'-פּין) פון אַ פוקס, וואָס געהערט צו אַ פוקס; פוקסיש, ליס־טיג, כיטרע.

vul'pinism *n.* (וואַל'-פּי-ניזם) דאָס זיין אַ פוקס; כיטרעקייט, ליסטיגקייט.

vul'pinite *n.* (וואַל'-פּי-נאַיט) אַ זאָרט זאַמדיגער אַנהידריט [אַזאַ גיפּס וואָס ענט־האַלט ניט אין זיך קיי' וואַסער].

vul'ture *n.* (וואַל'-טשור) אַ גייער, אַ קאַרשון [אַ רויב־פויגעל, ביי וועלכען דער קאָפּ און האַלז זיינען אָהן פעדערען].

Vulture

vul'turine *a.* (וואַל'-טשור-אין) פון אַ גייער, וואָס געהערט צו אַ גייער אָדער קאַרשון [ז. ***vulture***]; גייעראַרטיג, ווי אַ גייער, רויב־גיעריג, פרעס־גיעריג, זשעדנע.

vul'turish *a.* (וואַל'-טשור-איש) ז. ***vulturine***

vul'turism *n.* (וואַל'-טשור-איזם) דער כאַראַקטער פון אַ גייער אָדער קאַרשון, רויבגיערינקייט.

vul'turous *a.* (וואַל'-טשור-אַס) ווי אַ גייער אָדער קאַרשון, רויבגיעריג.

vul'va *n.* (וואַל'-וואַ) דער אויסערליכער טייל פון געשלעכטס־אָרגאַן ביי אַ פרוי.

vul'var *a.* (וואַל'-וואַר) ז. ***vulviform***

vul'vate *a.* (וואַל'-וויים) ז. ***vulviform***

vul'viform *a.* (וואַל'-ווי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון דעם אויסערליכען טייל פון געשלעכטס־אָרגאַן ביי אַ פרוי.

vulvis'mus *n.* (וואַל-וויס'-מאַס) ז. ***vaginismus***

vulvi'tis *n.* (וואַל-וואַי'-טיס) אַן ענט־צינדונג פון אויסערליכען טייל פון גע־שלעכטס־אָרגאַן ביי אַ פרוי.

vy'ing *a.* (וואַי'-אינג) קאָנקורירענד; שטרעבענד צו פערגלייכען זיך מיט איינעם אָדער איהם אריבערשטייגען.

vy'ingly *adv.* (וואַי'-אינג-לי) שטרע־בענדיג צו פערגלייכען זיך מיט איינעם אָדער איהם אריבערצושטייגען, קאָנקורי־רענדיג.

W

W, w (דאַבל יו) דער דריי און צוואַנציג־סטער בוכשטאַב פון דער ***a-b-c***

wa'bash *v.* (הוואַה'-בעש) בעשווינדלען, בעטריגען.

wab'ble *v. and n.* (הוואַבל) זיך בויגען אַהין און אַהער; זיך שאַקלען, זיך וויע־גען, זיך וואַקלען; טרייסלען, שאַקלען; אַ וויעגונג, אַ שאַקלונג, אַ וואַקלונג, אַ טרייסלונג.

wab'bler *n.* (הוואַב'-לער) איינער אָדער עטוואָס וואָס שאַקעלט זיך אָדער וואַקעלט זיך.

wab'bling *a.* (הוואַב'-לינג) וואָס שאַ־קעלט זיך, וואָס וואַקעלט זיך; וואָס בויגט זיך אַהין און אַהער; וואָס וויעגט זיך.

wab'bly *a.* (הוואַב'-לי) שאַקעלדיג, וואַ־קעלדיג.

wack'e *n.* (הוועק'-ע) גרוי־וואַקע, אַזאַ ברוינע אָדער גרינליכע ליים.

wad *n. and v.* (הוואַד) אַ בינטעל היי, האָר, וואָל, וואַטע אָדער שמאַטעס צום אויסשטאָפּען אָדער אויסצופּאָלסטערען; אַן אויסשטאָפּונג; אַ שטיקעל צייג, פּאַפּיער אָדער לעדער וואָס ווערט בענוצט צו פער־שטאָפּען דאָס לאָך אין אַ ביקס, וואו דער פולווער אָדער די קויל געפינט זיך; שטאָפּ־מאַטעריאַל; אַזאַ אונריינער ערדיגער ערץ פון מאַנגאַן אָדער ברוינשטיין, וואָס ברענט ביי אַ צוזאַמענמישונג מיט זוימען־אויל: אַ פּעקעל געלד, אַ קניפּעל, אַ געלד־קניפּעל; אויסשטאָפּען מיט וואַטע, וואָל, האָר, היי א. ד. ג.; פערפּאַקען אין היי, וואַטע, האָר א. ד. ג.; צונויפשטאָפּען; וואַטירען, אונטערשלאָגען מיט וואַטע [ווי אַ בגד]; פערשטאָפּען דאָס לאָך פון אַ ביקס, וואו דער פולווער אָדער די קויל געפינט זיך, מיט שטאָפּ־מאַטעריאַל.

wa'dable *a.* (הוויי'-דעבל) וואָס קען דורכגעבראָדזשעט ווערען.

wadd *n.* (הוואַד) אַזאַ אונריינער ערדיגער ערץ פון מאַנגאַן אָדער ברוינשטיין, וואָס ברענט ביי אַ צונויפמישונג מיט זוימען־אויל.

wad'ded *a.* (הוואַד'-עד) וואַטירט, אויס־געשטאָפּט.

wad'ding *n.* (הוואַד'-אינג) שטאָפּ־מאַ־טעריאַל [ווי היי, האָר, וואָל, וואַטע א. ד. ג.]; וואַטע; וואַטירונג; אויסשטאָ־פּונג.

wad'dle *v. and n.* (הוואַדל) זיך שאַקלען, זיך וואַקלען; געהן ווי אַ קאַטשקע; דאָס וואַקלען זיך, וואַקלונג.

wad'dler *n.* (הוואַד'-לער) איינער אָדער עטוואָס וואָס שאַקעלט זיך אָדער וואַקעלט זיך.

wad'dlingly *adv.* (הוואַד'-לינג-לי) זיך שאַקלענדיג, זיך וואַקלענדיג.

wad'dy *n.* (הוואַד'-אי) אַזאַ שאַרף־גע־קאַרבטער שטעקען פון שווערען האָלץ, וואָס ווערט בענוצט פון די אויסטראַליער אַלס געוועהר אין מלחמה.

wade *v. and n.* (הווייד) בראָדזשען; דורכבראָדזשען [אַ וואַסער, אַ זומפּ א. ד. ג.]; דאָס בראָדזשען; אַן אָרט וועלכען מען בראָדזשעט דורך; אַ טייך אָדער וואַ־סער וואָס מען דאַרף דורכבראָדזשען; אַ וועג.

wa'der *n.* (הוויי'-דער) איינער וואָס בראָדזשעט; אַ זומפּ־פויגעל, אַ בראָדזשע־פויגעל [אַ פויגעל מיט לאַנגע פיס, וואָס בראָדזשעט אין וואַסער און זומפּען, ווי אַ שטאָרך, אַ צאַפּליאַ, אַ שטראַנד־לויפער א. ד. ג.]; אַ וואַסער־שטיוועל [אַ שטי־וועל מיט לאַנגע כאַליאַוועס צו בראָדזשען אין וואַסער אָדער בלאָטע].

wad'-hook *n.* (הוואַד'-הוק) אַ קוגעל־ציהער [אַזאַ האַקען אַרויסצוציהען דאָס שטאָפּ־מאַטעריאַל פון אַ שיס־געוועהר].

wad'i *n.* (הוואַד'-אי) אַ טהאָל, וואו עס געפינט זיך דער דורכגאַנג פון אַ טייך, וועלכער איז מייסטענס, אויסער דער רעגען־צייט, טרוקען; אַ וואַסער־וועג, אַ טייך.

wad'miltilt *n.* (הוואַד'-מיל-טילט) אַזאַ גראָבער, שטאַרקער וואָלען־שטאָף וואָס ווערט בענוצט צו בעדעקען אַמוניציאָן און פולווער־פעסלעך.

wad'set *n.* (הוואַד'-סעט) אַ היפּאָטעקע אויף לאַנד, אַ זיכערונגס־משכון אויף גרונד־בעזיץ.

wad'setter *n.* (הוואַד'-סעט-ער) איינער וואָס האָט אַ היפּאָטעקע אָדער זיכערונגס־משכון אויף לאַנד.

wad'y *n.* (הוואַד'-אי) ז. ***wadi***

wa'fer *n. and v.* (הוויי'-פער) אַ וואַפעל, אַ וואַפעל־קוכען, אַ פּלעצעל, אַ ביסקוויט, אַ קליין רונד קיכעל; די האָסטיע אָדער דאָס הייליגע ברויט [אַזאַ דין, רונד קי־

כעל פון אונגעזייערטען טייג, וואס ווערט געברויכט פון די קריסטען צום הייליגען אבענדמאהל]; אן אבלאטקע, א קלעפּ=בלעטעלע [אזא דין, רונד בלעטעלע פון קליי וואס ווערט בענוצט צום פערקלעפּען בריעף אדער דאקומענטען]; אזא פּאררייכטונג אין א הארמאט צו עקספּלאדירען דאס אויפרייסונגס=מאטעריאל; צוקלעפּען אדער פערקלעפּען מיט אן אבלאטקע אדער קלעפּ=בלעטעלע.

wa'fer-bread *n.* (הוויי'-פער-ברעד) די האסטיע, דאס הייליגע ברויט, אלטאר=ברויט.

wa'fer-cake *n.* (הוויי'-פער-קייק) די האסטיע, דאס הייליגע ברויט. ז. ***wafer***

wa'fer-i'ron *n.* (הוויי'-פער-אי'-ערן) א וואפעל=אייזען [אזא אייזען מיט צווייע דינע פּלאטען, מיט וועלכען מען באקט וואפעלען אדער אבלאטקעס].

wa'fer-tongs *n.* (הוויי'-פער-טאהנגז) ז. ***wafer-iron***

wa'fery *a.* (הוויי'-פער-אי) ווי א וואפעל, פּלעצעל, אבלאטקע אדער קיכעל.

waf'fle *n.* (הוואפל) א וואפעל [אזא דין קיכעל אדער פּלעצעל, וואס ווערט געבאקען צווישען צוויי אייזערנע פּלאטען און ווערט געגעסען הייסערהייד].

waf'fle-i'ron *n.* (הוואפ'ל-אי'-ערן) א וואפעל=אייזען [אזעלכע צוויי אייזערנע פּלאטען, וועלכע פערמאכען זיך און עפענען זיך אויף א זאוויעסקע, צום באקען וואפעלען].



Waffle-iron

waft *v.* and *n.* (הוועפט) לייכט דורכשווימען אדער דורכשוועבען דורך וואסער אדער לופט; שווימען; שוועבען; לייכט דורכפיהרען דורך וואסער אדער לופט, לאזען דורכשווימען; עטוואס אדער איינער וואס שוועבט אדער שווימט; א שוועב; א שוואונג; א פלאטער; א הויך, א בלאז; א וואונק מיט דער האנד; א סיגנאל וואס ווערט געגעבען פון א שיף דורך א פלאג; א סיגנאל=פלאג.

waft'age *n.* (הוועפט'-עדזש) דאס פיהרען אדער טראנספּארטירען דורך וואסער אדער לופט; דאס אריבערפאהרען א וואסער; וואסער=פאהרט.

waft'er *n.* (הוועפט'-ער) א פּראם=שטשיק, איינער וואס פיהרט איבער א וואסער מיט א פּראם; א פּראם [א פּעהרע]; א ראפּיער [אזא שווערד].

waf'ture *n.* (הוועפ'-טשור) א שוואונג, א שווינגענדע אדער פלאטערענדע בעוועגונג; א בעוועגונג אדער זשעסטיקולאציע מיט דער האנד.

wag *v.* and *n.* (הוועג) בעוועגען היןאון הער; שאקלען, וויעגען; זיך שאקלען אדער בעוועגען אויף אלע זייטען; זיך בעוועגען, זיך ריהרען, אנגעהן; מאכען פּליטה, אוועקלויפען; א שאקעל, א שאקלונג, א היןאון=הער בעוועגונג; א שטיפער, א וויצלינג, א קאטאוועס=טרייבער.

wage *n.* and *v.* (הווידזש) לוין, שכירות, ארבייטס=לוין; איינשטעלען [אין קאן]; אונטערנעהמען; פיהרען [א מלחמה].

wage'-ear'ner *n.* (הוויידזש'-אויר'-נער) א לוין=ארבייטער.

wage'-fund *n.* (הוויידזש'-פאנד) דער טייל פון קאפּיטאל וואס געהט אויף אויסצוצאהלען לוין צו די ארבייטער [צום אונטערשיעד פון דעם טייל קאפּיטאל וואס איז אריינגעטהאן אין די געביידעו, מאשינען, רויה=מאטעריאל א. ז. וו.].

wage one's law (הווידזש הוואנז לאה) געשטעלט ווערען אלס אנגעקלאגטער אונטער א שבועה, דאס ער איז גאר ניט שולדיג דעם קלעגער.

wa'ger *n.* and *v.* (הוויי'-דזשער) א וועט; אן איינשטעלונג אין קאן; א פערשפּרעכונג צו בעצאהלען, א משכון, א גאראנטיע; דאס שטעלען אונטער א שבועה, אז מען איז ניט שולדיג, דאס שווערען, אז מען איז ניט שולדיג; וועטען, זיך וועטען.

wa'gering *a.* (הוויי'-דזשער-אינג) וועטענד.

wa'gering pol'icy (הוויי'-דזשער-אינג פּאל'-אי-סי) א וועט=פּאליסע [א פערזיכערונגס=פּאליסע, וועלכע איז אויסגעשטעלט אויף א צופעליגקייט אדער אויף א זאך אין וועלכער דער נעהמער פון דער פּאליסע האט קיין אינטערעסע ניט אויב עס וועט פּאסירען מיט איהר אן אונגליק אדער ניט. אזעלכע פּאליסעס זיינען שפּעטער פערבאטען געווארען פון געזעץ].

wa'ger of bat'tle (הוויי'-דזשער אוו בעטל) א געריכטליכער דועל [א דועל אדער צוויי=קאמפּף וואס פּלעגט אמאל צוגע'משפּט ווערען פּאר צוויי שטרייטענדע צדדים, אז זיי זאלען ענטשיידען דורך וואפען זייער שטרייט. דער זיעגער פּלעגט אנערקענט ווערען אלס דער גערעכטער].

wa'ger of law (הוויי'-דזשער אוו לאה) אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג—דאס געבען אן אנגעקלאגטען א שבועה, אז ער איז דעם קלעגער גאר ניט שולדיג [דערביי פּלעגט נויטיג זיין, אז 11 פון דעם אנגעקלאגטענס שכנים זאלען קומען שווערען, אז זיי גלויבען אין זיין עהרליכקייט און אז ער האט געוויס געשווארען ריכטיג].

wa'ger pol'icy (הוויי'-דזשער פּאל'-אי-סי) ז. ***wagering policy***

wa'ges *n.* (הוויי'-דזשעז) שכירות, לוין, ארבייטס=לוין.

wa'ges-fund *n.* (הוויי'-דזשעז-פאנד) ז. ***wage-fund***

wage'-work *n.* (הוויידזש'-הוואירק) לוין=ארבייט.

wage'-wor'ker *n.* (הוויידזש'-הוואירי'-קער) א לוין=ארבייטער.

wag'gery *n.* (הוועג'-ער-אי) שפּאס, קאטאוועס, שטיפעריי.

wag'ging *n.* (הוועג'-אינג) א היןאון=הער בעוועגונג, א שאקלונג, א וויבראציאן.

wag'gish *a.* (הוועג'-איש) שפּאסיג, שטיפעריש, קאטאוועסדיג.

wag'gishly *adv.* (הוועג'-איש-לי) אויף א שטיפערישען אדער קאטאוועסדיגען אופן.

wag'gishness *n.* (הוועג'-איש-נעס) שטיפערישקייט; שטיפעריי; שפּאס, קאטאוועס.

wag'gle *v.* and *n.* (הוועגל) זיך וואקלען, זיך וויעגען, זיך שאקלען, זיך בעוועגען היןאון הער; שאקלען, וויעגען; שמייסען, שלאגען; בייקומען; א שאקעל, א היןאון=הער בעוועגונג.

wag'gon *n.* (הוועג'-אן) ז. ***wagon***

wag'gonage *n.* (הוועג'-אנ-עדזש) ז. ***wagonage***

wag'goner *n.* (הוועג'-אנ-ער) ז. ***wagoner***

waggonette' *n.* (הוועג-א-נעט') ז. ***wagonette***

Wagne'rian *a.* (וואג-ני'-רי-ען) וואגנעריאניש, פון וואגנער, וואס איז שייך צום בעריהמטען דייטשען מוזיקער ריכארד וואגנער [געבארען אין 1831, געשטארבען אין 1883] אדער צו זיינע מוזיקאלישע קאמפּאזיציאנען אדער אפּעראס; וואס האט דעם סטיל אדער כאראקטער פון וואגנער'ס מוזיק; וואס איז שייך צו רודאלף וואגנער, דעם בעריהמטען דייטשען אנאטאמיסט און פיזיאלאג [געבארען אין 1805, געשטארבען אין 1864].

Wagne'rianism *n.* (וואג-ני'-רי-ען-איזם) ז. ***Wagnerism***

Wag'nerism *n.* (וואג'-נער-איזם) וואגנעריזם, די מוזיקאלישע טעאריע און מוזיקאלישער סטיל פון ריכארד וואגנער.

Wag'nerist *n.* (וואג'-נער-איסט) א וואגנעריסט, אן אנהענגער פון ריכארד וואגנער'ס מוזיק.

Wag'nerite *n.* (וואג'-נער-איט) ז. ***Wagnerist***

wag'nerite *n.* (הוועג'-נער-איט) וואגנעריט [אזא דורכזיכטיגער מינעראל].

wag'on *n.* and *v.* (הוועג'-אן) א וואגען; א וואגאן; א בוכבינדער=געצייג ארומצושניידען די ברעגען פון בלאט=גאלד צום פערציערען ביכער; פיהרען מיט א וואגען.

wag'onage *n.* (הוועג'-אנ-עדזש) פוהר=געלד; פראכט=געלד.

wag'on-bed *n.* (הוועג'-אנ-בעד) ז. ***wagon-box***

wag'on-boi'ler *n.* (הוועג'-אנ-באי'-לער) א וואגען=קעסעל [אזא דאמפּף=קעסעל וואס האט די פארם פון א וואגען מיט א האלב=רונדען דאך].

wag'on-box *n.* (הוועג'-אנ-באקס) דער וואגען=קאסטען [דער טייל פון וואגען, וואו עס זיצען די פּאסאזשירען אדער וואו עס ווערט געלעגט משא].

wag'on-brake *n.* (הוועג'-אנ-ברייק) א וואגען=ברעמזע. ז. ***brake***

Wag'oner *n.* (הוועג'-אנ-ער) אין אסטראנאמיע — דער פוהרמאן, דער גרויסער בער [א געוויסע שטערן=גרופּע].

wag'oner *n.* (הוועג'-אנ-ער) א פוהרמאן.

wagonet' *n.* (הוועג-א-נעט') ז. ***wagonette***

wagonette' *n.* (הוועג-א-נעט') א שפּאציר=וואגען צו פיהרען מעהרערע פּערזאנען.



Wagonette

wag'on-head'ed *a.* (הוועג'-אנ-העד'-עד) וואס האט א האלב=רונדען דאך ווי א געדעקטער וואגען.

wag'on-jack *n.* (הוועג'-אנ-דזשעק) אזא געשטעל אויפצוהויבען א וואגען ווען מען דארף שמירען די רעדער אדער ווען מען דארף זיי אראבנעהמען פון די אקסען.

wag'on-load *n.* (הוועג'-אנ-לאוד) די

וואגענ־לאדונג, די משא פון א וואגען; א גרויסע מאסע, א סך.

wag'on-lock *n.* (הוועג'-אנ-לאק) א וואגענ־ברעמזע איינצוהאלטען די רעדער ווען דער וואגען געהט בארג־אראב.

wag'on-mas'ter *n.* (הוועג'-אנ-מעס'-טער) אן אויפפאסער אויף וואגאנען אדער וואגענס; א בעאמטער אין דער ארמעע וואס האט די אויפזיכט איבער די מיליטער־וואגענס.

wag'on-roof *n.* (הוועג'-אנ-רוהף) א האלב־רונדער דאך ווי פון א גדעקטען וואגען.

wag'on-roofed *a.* (הוועג'-אנ-רוהפט) וואס האט א האלב־רונדען דאך ווי א גע־דעקטער וואגען.

wag'on-train *n.* (הוועג'-אנ-טריין) א צוג פון וואגאנען, וועגען אדער לאסט־טהיערע [ווי פון אן ארמעע צו פיהרען אמוניציע, פראוויזיע א. ז. וו.].

wag'on-vault *n.* (הוועג'-אנ-וואהלט) א האלב־רונדער געוועלב ווי דער דאך פון א גדעקטען וואגען.

wag'onwright *n.* (הוועג'-אנ-ראיט) א וואגען־מעכאניקער, א וואגען־מאכער.

wag'tail *n.* (הוועג'-טייל) דער טרייסעל־פויגעל [א פויגעל, וואס שאקעלט שטענדיג מיט'ן עק. ז. איל.]; א חוצפה'ניק, אן אונ־פערשעהמטער מענש.



Wagtail

wag'-wit *n.* (הוועג'-הוויט) א כלומר־שדיגער וויץ.

waif *n. and v.* (הווייף) א זאך וואס ווערט פערטראגען פון ווינד אדער ארויס־געווארפען פון ים; אן אוועקגעווארפענע זאך; א געפונענע זאך וואס מען וויים ניט ווער דער אייגענטימער איז; זאכען וואס ווערען אוועקגעווארפען פון א גנב ביים אנטלויפען; א מענש אהן א היים; א פערלאזענער, א היימלאזער, א וואנדערער; א פערבלאנדזשעטע אדער היימלאזע בהמה; א סיגנאל־פלאג אויף א שיף; אוועקווארפען ווי א הפקר־זאך.

waif'-pole *n.* (הווייפ'-פאול) דער שטאנג אויף א שיף, אויף וועלכען א סיג־נאל־פלאג ווערט ארויפגעצויגען.

wail *v. and n.* (הווייל) בעקלאגען, בע־ווינען; קלאגען, יאמערען; א קלאג, א יאמער.

wai'ler *n.* (הוויי'-לער) א בעקלאגער, א בעוויינער.

wail'ful *a.* (הווייל'-פול) יאמערענד, בע־וויינענד, קלאגענד.

wai'ling *n.* (הוויי'-לינג) דאס יאמערען, דאס קלאגען; א קלאג, א יאמער.

wai'lingly *adv.* (הוויי'-לינג-לי) יאמע־רענדיג, בעוויינענדיג, קלאגענדיג.

wain *n. and v.* (הוויין) א וואגען; פיה־רען, אריבערברייגנען.

Wain *n.* (הוויין) דער פוהרמאן אדער גרויסער בער [אזא שטערן־גרופע].

wain'-load *n.* (הוויינ'-לאוד) א וואגען־לאדונג, די משא פון א וואגען.

wain'scot *n. and v.* (הוויינ'-סקאט) א ברעטעל צו בעשלאגען די ווענד פון א צימער; בעשלאגען מיט ברעטלעך.

wain'scot-chair *n.* (הוויינ'-סקאט-טשעהר) א שטוהל מיט אן אונטער־טייל [אונטער'ן זיץ] אין דער פארם פון א קעסטעל.

wain'scot-clock *n.* (הוויינ'-סקאט-קלאק) אזא גרויסער פארצייטינער זייגער.

wain'scot-oak *n.* (הוויינ'-סקאט-אוק) דער טערקישער דעמב [אזא בוים].

wain'-shil'ling *n.* (הוויינ'-שיל'-אינג) א שטייער פון וואגענס אויף א מארק [פארצייטענס אין ענגלאנד].

wain'wright *n.* (הוויינ'-ראיט) ז. *wagonwright*.

wair *n.* (הוועהר) א שטיק בוי־האלץ, וואס איז 6 פוס לאנג און 1 פוס ברייט.

waist *n.* (הווייסט) די טאליע [דער טייל פון קערפער צווישען דער ברוסט און די היפטען]; א גארטעל אדער באנד ארום דער טאליע; א בלוזע; א לייבקע; עט־וואס וואס איז עהנליך צו א טאליע; דער מיטען פון א שיף; דער מיטען אדער דער טאליע־עהנליכער טייל פון א פיעדעל, פון א וויאלאנטשעלא און פון עהנליכע פיע־דעל־עהנליכע מוזיקאלישע אינסטרומענ־טען; דער מיטען פון א צייט־פעריאדע [ווי דער מיטען פון טאג אדער נאכט].

waist'band *n.* (הווייסט'-בענד) א טא־ליע־גארטעל; א טאליע־בענדעל פון א קלייד [יובקע].

waist'-belt *n.* (הווייסט'-בעלט) א טאליע־גארטעל.

waist'-boat *n.* (הווייסט'-באוט) א שי־פעל וואס מען האלט אין מיטען פון א שיף.

waist'coat *n.* (הווייסט'-קאוט) א וועס־טעל, א זשילעט, א קאמעזעלקע; א לייבקע.

waist'coating *n.* (הווייסט'-קאוט-אינג) וועסטען־צייג.

waist'-deep *a. and adv.* (הווייסט'-דיעפ) ביז צו דער טאליע; פון די פיס ביז צו דער טאליע.

wais'ted *a.* (הוויים'-טעד) וואס האט א טאליע [פון א געוויסער פארם].

wais'ter *n.* (הוויים'-טער) א נייער אונ־ערפאהרענער מאטראז אויף א וואלפיש־שיף [אזא מאטראז ווערט געוועהנליך געהאלטען אין דעם מיטען פון שיף ביז מען קען איהם געברויכען פאר פעראנט־ווארטליכער ארבייט]; אן אלטער מאטראז אויף א קריעגס־שיף, וועלכער האט זיך ניט דערדיענט צו א העכערען ראנג.

waist'-high *a.* (הווייסט'-האי) וואס גרייכט ביז דער טאליע.

wait *v. and n.* (הווייט) אויפ־ווארטען; ווארטען; בעדיענען, דערלאנגען צום טיש; דאס ווארטען; די ווארטע־צייט; די צייט צווישען איין אקט און דעם אנדערען אין טעאטער; א מיטגליעד פון א מוזיק־אר־קעסטער.

wai'ter *n.* (הוויי'-טער) א קעלנער, א דיענער וואס דערלאנגט צום טיש; א הויז־דיענער; א טאץ צו דערלאנגען עסען צום טיש; א בעאמטער אין אן ענגלישען צאל־הויז [טאמאזשנע].

wai'terage *n.* (הוויי'-טער-עדזש) די בעדיענונג פון א קעלנער; בעדיענונג.

wai'tering *n.* (הוויי'-טער-אינג) די ארבייט אדער די פליכטען פון א קעלנער.

wai'ting *n. and a.* (הוויי'-טינג) דאס ווארטען; דאס בעדיענען; ווארטענד; בעדיענענד.

wai'ting-boy *n.* (הוויי'-טינג-באי) א לויף־אינגעל.

wai'tingly *adv.* (הוויי'-טינג-לי) ווארטענדיג.

wai'ting-maid *n.* (הוויי'-טינג-מייד) א הויז־מיידעל, א דיענסט־מיידעל; א קעלנערין.

wai'ting-room *n.* (הוויי'-טינג-רוהם) א ווארטע־צימער; א ווארטע־זאל [ווי אויף א וואקזאל].

wai'ting-wom'an *n.* (הוויי'-טינג-הוואומ'-ען) א ווארטפרוי, א בעדיענערין.

wait on (הווייט אן) בעדיענען; בעזו־כען, אבשטאטען א וויזיט; בעגלייטען.

wai'tress *n.* (הוויי'-טרעס) א קעלנערין.

wait upon' (הווייט א-פאן') ז. *wait on*.

waive *v.* (הווייוו) פערלאזען, אוועקוואר־פען, אויפגעבען; אוועקווארפען גע'גנב'ע־טע זאכען, ווי א גנב ווען ער אנטלויפט; אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג — אראבנעהמען דעם שוץ פון געזעץ [פון א פרוי]; אוועקגעהן, אבווייכען.

waiv'er *n.* (הווייוו'-ער) דאס אויפגעבען אדער דאס אבזאגען זיך פרייוויליג פון א רעכט, א פריווילעגיע אדער פארטייל; דאס אבזאגען זיך עטוואס אנצונעהמען; אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג — דאס אראבנעהמען דעם שוץ פון געזעץ פון א פרוי.

wai'vode *n.* (הוויי'-וואוד) ז. *voivode*.

wake *v. and n.* (הווייק) וואכען, וואך זיין, אויף זיין; ערוואכען, זיך אויפכא־פען פון שלאף; בעוואכען, שטעהן אויף דער וואך; זיין טהעטיג, ניט שלאפען; אויפוואכען, לעבעדיג ווערען; אויפוועקען פון שלאף; אויפוועקען, מאכען אקטיוו; לעבעדיג מאכען; דאס וואכען, דאס שטעהן אויף דער וואך; א נאכט־וואך; דער יעהר־ליכער יום טוב פון א קירך וואס ווערט געפייערט דורך נאכט; א יום טוב, א הוליאנקע; א נאכט־וואך ביי א טויטען; א שיף־שפור, דער שפור וואס ווערט געלא־זען אין וואסער, ווען א שיף געהט דורך; אן אויסגעטרעטענער אדער איינגעפאהרע־נער שפור אדער וועג.

wake'ful *a.* (הווייק'-פול) וואכענד, שלאפלאז; וואכזאם; אויפוואכענד; ווע־קענד.

wake'fully *adv.* (הווייק'-פול-אי) וואכענדיג, וואכזאם; ניט שלאפענדיג.

wake'fulness *n.* (הווייק'-פול-נעס) שלאפלאזיגקייט; דאס וואכען; וואכזאמ־קייט.

wa'ken *v.* (הווייקן) וועקען, אויפוועקען; דערוועקען; זיך אויפכאפען פון שלאף, ערוואכען; ניט שלאפען, וואכען; זיין אויף דער וואך.

wake'ner *n.* (הווייק'-נער) א וועקער.

wake'ning *n.* (הווייק'-נינג) דאס וואכען, דאס זיין וואך.

wa'ker *n.* (הוויי'-קער) א וואכענדער, איינער וואס וואכט; א וואך־מאן; א וועקער.

wake'-rob'in *n.* (הווייק'-ראב'-אין) דער אראן, אהרנ'ס־שטאק אדער דער צעהר־ווארצעל [אזא פלאנצע].

wake'-time *n.* (הווייק'-טאים) וואך־צייט, די צייט ווען מען איז וואך.

wa'king *n. and a.* (הוויי'-קינג) דאס וואכען; דאס אויפוואכען, דאס אויפשטעהן פון שלאף; דאס אויפוועקען; דאס שטעהן אויף דער וואך; דאס וואכען ביי דעם

קערפער פון א טויטען; וואכענד, ניט שלאפענד; ערוואכענד.

wa'king numb'ness (הוויי'-קינג נאמ'-נעס) א שנעל פאריבערגעהענדע פערטעמפטקייט פון קערפער ביים אויפשטעהן פון שלאף.

wa'kon-bird *n.* (הוויי'-קאן-בוירד) אזא פאבעלהאפטער פויגעל אין דעם גלויבען פון די אמעריקאנישע אינדיאנער; א פויגעל, מיט וועלכען עס זיינען פערבונדען געוויסע אבערגלויבענס ביי די אינדיאנער.

Wala'chian *a. and n.* (הווא-ליי'-קי-ען) ז. ***Wallachian***

wal'demar *n.* (הוואל'-דע-מאר) וואלדעמאר, אזא באנוועל־סאמעט. ז. ***velveteen***

wald'flute *n.* (הוואלד'-פלוהט) א וואלד־פלייט [אזא פייפעל אין אן ארגעל, וואס גיט ארויס קלינגענדע אבער ווייכע טענער].

wald'grave *n.* (הוואלד'-גרייוו) א וואלד־גראף [אן אדעל־טיטול אין דייטשלאנד].

wald'horn *n.* (הוואלד'-האהרן) א וואלד־הארן, א יאגד־הארן, א יאגד־פייפעל.

wale *n. and v.* (הווייל) א שראם אדער פאס וואס בלייבט אויף'ן לייב דורך א שמיץ פון א בייטש אדער רוט; א ריץ אדער שטרייף אין טוך; א בייטש אדער רוט; א געשווילעכץ; א לייסט אדער פלאנקע פון א שיף; אן אויסוואהל, אן אויסערוועהלונג; מאכען שראמען אדער פאסען אויף'ן לייב, ווי דורך שמייסען מיט א בייטש; מאכען אין שטרייפען; שמייסען מיט א בייטש אדער רוט; פלעכטען מיט עטליכע ריטלעך אויף אמאל [ווי עס ווערען געפלאכטען קערב].

Wales *n.* (הווייל) וויילס [א פראווינץ אין ענגלאנד].

Walhal'la *n.* (הוועל-העל'-א) ז. ***Valhalla***

walk *v. and n.* (הוואהק) ארומגעהן; געהן; שפאציערען, ארומשפאציערען; זיך אויפפיהרען [אין לעבען]; אוועקגעהן; זיין געצוואונגען אוועקצוגעהן, אבגעזאגט ווערען פון א שטעלע אדער אמט; וואנדערען, דורכגעהן, דורכוואנדערען; פיהרען אדער בעגלייטען אויף א שפאציער; דאס געהן, דאס שפאציערען; א גאנג; א שפאציער, א שפאציער־גאנג א פראמענאדע; א שפאציער־פלאץ, א שפאציער־וועג; א פיטערונגס־פלאץ פאר בהמות; די לעבענס־ארט; דער לעבענסוועג; די בעשעפטיגונג אין לעבען; א פראפעסיע, א בעשעפטיגונג, א פאך; אויפפיהרונג, האנדלונג.

walk about' (הוואהק ע-באוט') ארומגעהן, ארומשפאציערען; אן אויסדרוק ביי די ענגלישע אפיציערען, אז דער סאלדאט אויף דער וואך זאל זיי ניט סאלוטירען [אבגעבען טשעסט].

walk against' time (הוואהק ע-גענסט' טאים) געהן אדער לויפען זעהר שנעל [אום צו בעשטימען די מעגליך־גרעסטע שטרעקע, וואס מען קען איינגעהן אדער איינלויפען].

walk along' (הוואהק ע-לאהנג') ווייטער געהן; געהן אין דער לענג פון...

walk a sand'wich (הוואהק ע סענד'-חוויטש) שפאציערען מיט צוויי דאמען פון ביידע זייטען.

walk awry' (הוואהק ע-ראי') פערקריכען, אראבקריכען פון וועג; געהן ניט גוט.

walk'er *n.* (הוואהק'-ער) א געהער; א פוס־געהער; א וואלד־בעאמטער אין ענגלאנד; איינער וואס דרעסירט יונגע הינד; א געהענדער פויגעל; א פויגעל וואס געהט [אין געגענזאץ צו אזעלכען וואס שפרינגט]; א מענש מיט א געוויסער אויפפיהרונג.

walk in (הוואהק אין) אריינגעהן; אריינפיהרען.

walk'ing *a. and n.* (הוואהק'-אינג) געהענד, שפאציערענד; דאס געהן, דאס שפאציערען.

walk'ing-beam *n.* (הוואהק'-אינג-ביעם) דער האריזאנטאלער שטאנג אין א ווערטיקאל־שטעהענדער דאמפף־מאשין, דורך וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען די בעוועגונגס־קראפט צו דעם קורבעל־שטאנג.

walk'ing-cane *n.* (הוואהק'-אינג-קיין) א שפאציער־שטאק.

walk'ing del'egate (הוואהק'-אינג דעל'-אי-גייט) א בעאמטער פון א טרייד־יוניאן [געווערקשאפט], וועלכער פערטרעט די ארבייטער ביי די פערהאנדלונגען מיט זייערע בעלי בתים און וועלכער פאסט אויף, אז די יוניאן־בעדינגונגען אין די פאבריקען זאלען אבגעהיט ווערען.

walk'ing-dress *n.* (הוואהק'-אינג-דרעס) א פראמענאדען־קלייד, א שפאציער־קלייד.

walk'ing gen'tleman (הוואהק'-אינג דזשענ'טל-מען) א סטאטיסט אין א טעאטער; אן אקטיאר וואס שפיעלט אונוויכטיגע יונגענד־ראלען צו וועלכע מען דארף האבען א שעהנעם אויסזעהן.

walk'ing la'dy (הוואהק'-אינג ליי'-די) א סטאטיסטין אין א טעאטער; אן אקטריסע וועלכע שפיעלט אונוויכטיגע יוגענד־ראלען צו וועלכע מען דארף האבען א גוטען אויסזעהן.

walk'ing-pa'pers *n.* (הוואהק'-אינג-פיי'-פערז) א שפאציער־צעטעל [אן ענטזאגונג פון א שטעלע].

walk'ing-staff *n.* (הוואהק'-אינג-סטעף) א געה־שטאק, א שפאציער־שטאק.

walk'ing-stick *n.* (הוואהק'-אינג-סטיק) א שפאציער־שטאק; אזא לאנגע, דינע, שטעקעל־עהנליכע פליעג אדער זשוק.

walk'ing-straw *n.* (הוואהק'-אינג-סטראה) אזא לאנגער, דינער אינזעקט.

walk'ing-tick'et *n.* (הוואהק'-אינג-טיק'-עט) א שפאציער־צעטעל [אן ענטזאגונג].

walk'ing-wheel *n.* (הוואהק'-אינג-הוויעל) א טרעט־ראד, א ראד מיט שטאפלען, וואס ווערט נעדרעהט דורך טרעטען מיט די פיס [ווי א ראד צו שעפען וואסער, צו מאהלען קארן, א. ז. וו.]; א שריט־צעהלער, א שריט־מעסטער [ז. *pedometer*].

walk in'to (הוואהק אינ'-טו) אנגרייפען; "אריינפאהרען", דערלאנגען קלעפ; שטארק אריינעסען.

walk off (הוואהק אף) אוועקגעהן.

walk on (הוואהק אן) ווייטער געהן, ניט בלייבען שטעהן.

walk one's chalks (הוואהק הוואנז טשאהקס) אוועקגעהן.

walk out (הוואהק אוט) ארויסגעהן, מאכען א שפאציער־גאנג; ארויסגעהן אין שטרייק [סטרייק].

walk'-out *n.* (הוואהק'-אוט) א שטרייק.

walk'-o'ver *n.* (הוואהק'-או'-ווער) א לייכטער זיעג, א לייכטער געווינס.

walk Span'ish (הוואהק ספענ'-איש) זיין געצוואונגען צו געהן אויף די שפיץ פינגער ווי איינער וואס מען הויבט איהם פאר'ן קאלנער; מוזען האנדלען אונטער דעם צוואנג פון אן אנדערען; אבגעזאגט ווערען פון א שטעלע.

walk tall (הוואהק טאהל) געהן קוממיות'דיג, געהן מיט א פערר'יסענעם קאפ, געהן שטאלץ.

walk the chalk (הוואהק טהי טשאהק) זיך האלטען שטרענג אין מאראל, אין מאניערען א. ד. ג.

walk the chalk'-mark (הוואהק טהי טשאהק'-מארק) ז. *walk the chalk*

walk the hos'pitals (הוואהק טהי האס'-פי-טעלז) פראקטיצירען אדער זיך לערנען מעדיצין און כירורגיע אין די פערשיעדענע אבטיילונגען פון א האספיטאל.

walk the plank (הוואהק טהי פלענק) געהן איבער'ן ברעט [זיין געצוואונגען פון ים־רויבער צו געהן איבער'ן ברעט, וואס איז ארויסגעלעגט פון שיף צום ים, ביז מען פאלט אריין אין וואסער]; זיין געצוואונגען צו פערלאזען א שטעלע.

walk the streets (הוואהק טהי סטריעטס) זיך ארומשלעפען אין די גאסען.

wall *n. and v.* (הוואהל) א וואנד, א מויער; א פעסטונגס־וואנד; א פאר־וואנד, א שוץ־וואנד; א שוץ; עטוואס וואס איז עהנליך צו א וואנד; ארומרינגלען מיט א וואנד אדער פעסטונג; בעפעסטיגען מיט א מויער־וואנד; בעשיצען ווי מיט א וואנד; קאכען, זידען [ווי וואסער]; שפרודלען ווי וואסער פון א פאנטאן אדער קוואל.

wal'laby *n.* (הוואל'-ע-בי) אזא קליינע קענגערו. ז. ***kangaroo***

Wal'lach *n.* (הוואל'-עק) א וואלאך, א וואלאך; די וואלאכישע אדער וואלכישע שפראך [די שפראך פון די וואלאכען אין בעסעראביען און רומעניען]; רומעניש.

Walla'chia *n.* (הווא-ליי'-קי-א) וואלאכיי, וואלאכיען.

Walla'chian *a. and n.* (הווא-ליי'-קי-ען) וואלאכיש, וואלכיש; וואס איז שייך צו וואלאכיי אדער וואלאכיען [א פראווינץ וואס א טייל פון איהר געהערט צו רומעניען און א טייל צו בעסאראביען, רוסלאנד]; א וואלאך, א וואלאך.

Wal'lack *n.* (הוואל'-עק) ז. ***Wallach***

wal'lah *n.* (הוואל'-א) אין אינדיען — א טהוער; אן ארבייטער; א הענדלער; אן אגענט; א מייסטער; אן איינגענטימער; אן איינוואהנער; א מענש; א מיטבירגער.

wall'-clock *n.* (הוואהל'-קלאק) א וואנד־זייגער.

wall'-cree'per *n.* (הוואהל'-קריע'-פער) דער מויער־שפעכט ז. ***spider-catcher***

walled *a.* (הוואהלד) וואס האט ווענט; בעפעסטיגט; אונגארמאל אין פארם אדער קאליר [ווענען אויגען. ז. ***walleye***].

wall'er *n.* (הוואהל'-ער) א מויערער, איינער וואס שטעלט אויף ווענד אדער מויערען; איינער וואס קאכט אוים זאלץ.

wal'let *n.* (הוואל'-עט) א רייזע־זאק; א בייטעל.

wall'eye *n.* (הוואהל'-אי) גלאז־אויגיגקייט [אן אויגען־קראנקהייט, ביי וועלכער די רעגענבויגען־הויט אדער דער קאלירטער קרייז ארום שווארץ־אפעל פערלירט דעם קאליר אדער ווערט ווייס]; א גלאז־אויג [אן אויג מיט א קאלירלאזער רעגענבויגען־הויט]; אן אויסגעגלאצט גרויס אויג [ווי ביי פיש]; א גלאז־אויגיגער פיש, א פיש מיט גרויסע אויסגעגלאצטע אויגען.

wall'-eyed *a.* (הוואהל'-איד) גלאז־אוי־

נינ [ז. *walleye*]; מיט אויסגעגלאצטע אויגען.

wall'flower *n.* (הוואהל'-פלאו-ער) די וואנד־בלום אדער דער געלד־לאק [אזא אייראפעאישע פלאנצע וואס וואקסט געוועהנליך אויף ווענד, פעלזען א. ז. וו.]; א מאן אדער פרוי וואס נעהמט ניט קיין אנטייל אין די טענץ אויף א באל אדער אונטערהאלט [נאר זיצט ביי דער וואנד אלס צושויער].

Wallflower

wall'-fruit *n.* (הוואהל'-פרוהט) וואנד־אויבסט, וואנד־פרוכט [פרוכט וואס וואקסט ביי א וואנד].

wall'-gil'lyflower *n.* (הוואהל'-דזשיל'-אי-פלאו-ער) ז. *wallflower*

wall'-grenade' *n.* (הוואהל'-גרי-נייד') אזא גראנאט אדער באמבע.

wall'ing *n.* (הוואהל'-אינג) מויער־ווערק, ווענד, מויערען; מאטעריאל צו מאכען ווענד אדער מויערען; די ארום־מויערונג אין א שאכט.

wall'-knot *n.* (הוואהל'-נאט) דער שויערמאנס־קנופ [אזא קנופ אין שיפס־שטריק].

wall'-less *a.* (הוואהל'-לעס) אהן א וואנד, אהן א מויער.

wall'-let'tuce *n.* (הוואהל'-לעט'-אים) וואנד־סאלאט [אזא אייראפעאישער סאלאט].

wall'-light *n.* (הוואהל'-לאיט) א וואנד־לייכטער, א וואנד־לאמפ.

wall'-liz'ard *n.* (הוואהל'-ליז'-ארד) אזא געקא [ז. *gecko*]; די אייראפעאישע יאשטשערקע.

wall'-louse *n.* (הוואהל'-לאוס) א וואנץ.

wall'-map *n.* (הוואהל'-מעפ) א וואנד־מאפע [א גרויסע מאפע אדער קארטע צום אויפהענגען אויף א וואנד].

wall'-newt *n.* (הוואהל'-ניוט) ז. *wall-lizard*

Walloon' *n.* and *a.* (הווא-לוהן') א וואלאן, איינער פון די וואלאנען [א פאלק אין בעלגיען און אין איינינע טיילען פון פראנקרייך און דייטשלאנד]; די וואלאנישע שפראך; וואלאניש.

wal'lop *v.* and *n.* (הוואל'-אפ) קאכען, זידען; שלאגען; איבערקעהרען, אומשליידערען; גאלאפירען; א גאלאפ; א שטארקער קלאפ.

wal'loper *n.* (הוואל'-אפ-ער) ז. *pot-walloper*

wal'low *v.* and *n.* (הוואל'-או) זיך וואלגערען, זיך קייקלען [אין בלאטע, זאמד א. ז. וו.]; זיין שטארק ארייננעטהאן אין עפעס, זיין שטארק איבערגעגעבען צו עפעס; דאס וואלגערען זיך, דאס קייקלען זיך; א פלאץ, וואו א חיה וואלגערט זיך אדער קייקעלט זיך; די שפורען אין בלאטע, זאמד א. ז. וו. פון א חיה, וואס האט זיך דארט געוואלגערט אדער געקייקעלט.

wal'lower *n.* (הוואל'-א-ער) א מענש אדער חיה וואס קייקעלט זיך אדער וואלגערט זיך [אין בלאטע, זאמד א. ז. וו.]; א שעסטערנע [ז. *lantern-wheel*].

wal'lowing *n.* (הוואל'-א-אינג) דאס וואלגערען זיך, דאס קייקלען זיך [ווי אין בלאטע, זאמד א. ז. וו.].

wal'low in pleas'ure (הוואל'-או אין פלעזש'-אור) זיך באדען אין פערגניגענס.

wal'low in rich'es (הוואל'-או אין ריטש'-עז) זיך באדען אין רייכטום.

wall'-pain'ting *n.* (הוואהל'-פיינ'-טינג) וואנד־מאלעריי.

wall'-pa'per *n.* (הוואהל'-פיי'-פער) טאפעטען, אבאיעס, אביטשעס, שפאליער.

wall'-pie *n.* (הוואהל'-פאי) ז: *wall-rue*

wall'-piece *n.* (הוואהל'-פיעס) א וואנד־קאנאנע, א פעסטונגס־הארמאט [א הארמאט וואס מען האלט געוועהנליך אויף די ווענד פון א פעסטונג].

wall'-plate *n.* (הוואהל'-פלייט) א וואנד־פלאטע, א מויער־פלאטע [א קלעצעל וואס ווערט אוועקגעלעגט אויף א וואנד אלס אן אונטערלאגע פאר א קראקווע־באלקען אדער קווער־באלקען].

wall'-pock'et *n.* (הוואהל'-פאק'-עט) אזא בייטעל אויף א וואנד צום האלטען ציימונגען א. ז. וו.

wall'-rock *n.* (הוואהל'-ראק) ז. *country-rock*

wall'-rue *n.* (הוואהל'-רוה) די מויער־ראוטע [אזא קליינער, דעליקאטער פארן אדער פאפאראטניק, וואס וואקסט אויף ווענד און פעלזען].

wall'-si'ded *a.* (הוואהל'-סאי'-דעד) מיט גראדע אדער פערפענדיקולארע זייטען.

wall'-spleen'wort *n.* (הוואהל'-ספליענ'-הוואירט) ז. *wall-rue*

wall'-spring *n.* (הוואהל'-ספרינג) א קוואל, וואס שלאגט ארויס פון פעלזען־שיכטען.

Wall Street (הוואהל סטריעט) דער פינאנציעלער צענטער פון אמעריקא [וועלכער געפינט זיך אין וואל סטריט אין ניו יארק און אומגעגענד].

wall'-tent *n.* (הוואהל'-טענט) א געצעלט מיט גראדע [ניט משופע'דיגע] זייטען.

wall'-tree *n.* (הוואהל'-טריע) א וואנד־בוים [א בוים וואס וואקסט אויף א וואנד אדער מויער].

wal'nut *n.* (הוואהל'-נאט) א וואל־נוס, א וועלישער נוס; דער וואל־נוס בוים.

Walnut

wal'nut-tree *n.* (הוואהל'-נאט-טריע) א וואל־נוס בוים. ז. *walnut*

Walpur'gis night (וואל-פוהר'-גים נאיט) די וואלפורגים־נאכט, [די נאכט פאר דעם ערשטען מאי, ווען, לויט א דייטשען אבערגלויבען, די מכשפות פראווען א יום טוב פאר דעם טייפעל].

wal'rus *n.* (הוואל'-ראס) א וואלראס, א מארזש, א ים־קוה [אזא ים־חיה].


Walrus

wal'tron *n.* (הוואל'-טראן) ז. *walrus*

waltz *n.* and *v.* (הוואהלטס) 1. א וואלס, א וואלץ, א וואלצער [אזא טאנץ אדער מוזיק פאר דיעזען טאנץ]; 2. וואלסירען, וואלצען [טאנצען א וואלץ]; 3. זיך שנעל און לייכט בעוועגען ווי אין א וואלס.
3. The couple **waltzed** into the room.

waltz'er *n.* (הוואהלטס'-ער) א וואלצער, א וואלסירער, א וואלץ־טענצער; א וואלצער־מויז [אזא מויז וואס בעוועגט זיך אין א זיך־דרעהענדער שנעלער בעוועגונג].

wam'mus *n.* (הוועמ'-אס) אזא ווארי־מער געוועבטער יאק אדער רעקעל.

wa'ter-guard *n.* (הוואה'-טער-גארד) א טייך-וועכטער, א האפען-וועכטער; א צאל-בעאמטער וואס פאסט אויף, אז שיפען זאלען ניט אריינפעקלען קיין קאנטראבאנדע.

wa'ter-hair'grass *n.* (הוואה'-טער-העהר'-גרעס) אזא גראז מיט דינע צווייגלעך, וואס וואקסט אין די פלאכע וואסערען אין די נארדליכע געגענדען.

wa'ter-ham'mer *n.* (הוואה'-טער-העמ'-ער) דער שטויס וואס עס הערט זיך פון א וואסער-מאסע וואס פליסט דורך א ראהר, ווען זי ווערט פלעצליך אבגעשטעלט; דער גערויש ווי דאס קלאפען פון א האמער אין א דאמפף-רעהר וואס ווערט פעראורזאכט פון וואסער, וואס געפינט זיך אין רעהר ווען הייסער דאמפף געהט דורך; א שפיעלצייג וואס בעשטעהט פון א פעסט-פערמאכטען רעהרעל, פון וועלכען די לופט איז אויסגעפומפט און וועלכעס ענטהאלט א ביסעל וואסער [דאס וואסער אין רעהרעל קלאפט מיט א גערויש ווי

פון א האמער]; א דערהיצטער מעטאלענער האמער צום פעראורזאכען לייכטע בלאטערען אויף'ן לייב אדער צום אויסברענען א וואונד.

wa'ter-heat'er *n.* (הוואה'-טער-היעט'-ער) א וואסער=ווארמער [אן אפאראט אנצוווארעמען וואסער]; א ווארם=אפאראט, וואס ווארעמט מיט דער הילף פון הייסען וואסער.

wa'ter-hen *n.* (הוואה'-טער-העו) די וואסער=הוהן [אזא וואסער=פויגעל וואס איז עהנליך צו א הוהן].

wa'ter-hog *n.* (הוואה'-טער-האג) דער וואסער=שוויין, דער טייך=שוויין [אזא שוויין=עהנליכע חיה אין אפריקא וואס לעבט ביי די ברעגען פון טייכען]. ז. *capibara*

wa'ter-ice *n.* (הוואה'-טער-אים) אייז געמאכט פון צוקער=וואסער און פרוכט=זאפט.

wa'teriness *n.* (הוואה'-טער-אי-נעם) וואסערדיגקייט, פייכטקייט, נאסקייט.

wa'tering *n.* (הוואה'-טער-אינג) דאס בעוואסערען, דאס בעשפריצען מיט וואסער; דאס צוגעבען א וועלען=פערמיגען אויסזעהן; א בעוואסערונגס=פלאץ.

wa'tering-call *n.* (הוואה'-טער-איננ-קאהל) א מיליטערישער סיגנאל פאר קאוואלעריע=סאלדאטען צו פיהרען אנטרינקען די פערד.

wa'tering-cart *n.* (הוואה'-טער-אינג-קארט) א שפריץ=וואגען, א בעוואסערונגס=וואגען.

wa'tering-house *n.* (הוואה'-טער-אינג-האום) א הויז אדער אכסניא וואו עס ווערט געהאלטען וואסער פאר פערד צום טרינקען.

wa'tering par'ty (הוואה'-טער-אינג פאר'-טי) א קאמאנדע סאלדאטען וואס ווערען ארויסגעשיקט אנצוטרינקען די פערד.

wa'tering-place *n.* (הוואה'-טער-אינג-פלייס) א וואסער=ארט, אן ארט, וואו עס איז דא וואסער צו טרינקען אדער פאר אנדערע צוועקען; אן ארט פון בעדער פאר קוראציע.

wa'tering-pot *n.* (הוואה'-טער-אינג-פאט) א וואסער=קאן, א גיס=קאן; א כלי צו בעגיסען אדער בעשפריצען פלאנצען; א מין מושעל.



Watering-pot

wa'tering-trough *n.* (הוואה'-טער-אינג-טראהף) א וואסער=קארעטע.

wa'terish *a.* (הוואה'-טער-איש) פול מיט וואסער; וואס ענטהאלט וואסער; וואסערדיג; שוואך.

wa'terishness *n.* (הוואה'-טער-איש-נעם) וואסעריגקייט.

wa'ter-lade *n.* (הוואה'-טער-לייד) א רינע, א קאנאווע אבצוציהען וואסער.

wa'terleaf *n.* (הוואה'-טער-ליעף) דאס וואסער=בלאט [א וואסער=פלאנצע]; אין פאפיער=פאבריקאציאן — נאך ניט אינגאנצען פארטיגעס פאפיער, גלייך ווי עס איז ארוים פון דער ערשטער פרעם.

wa'ter-lem'on *n.* (הוואה'-טער-לעמ'-אן) די לארבער=בלעטערדיגע פאסיאנס=בלום אדער ליידענס=בלום. ז. *passion-flower*

wa'terless *a.* (הוואה'-טער-לעם) וואסערלאז, אהן וואסער, טרוקען.

wa'ter-lev'el *n.* (הוואה'-טער-לעוו'-על) די וואסער=פלעכע, דער וואסער=שפיעגעל, דער וואסער=שטאנד; א ניוועליר=אינסטרומענט, וואו וואסער ווערט גענוצט אנשטאט קוועקזילבער אדער ספירט [ז. *leveling-instrument*].

wa'ter-lil'y *n.* (הוואה'-טער-ליל'-אי) די וואסער=ליליע [איינע פון פערשיעדענע מינים וואסער=פלאנצען].

Water-lily

wa'ter-line *n.* (הוואה'-טער-לאין) די וואסער=ליניע [די ליניע אויף די ווענד פון אן אנגעלאדענער שיף ביז וועלכער עס דערגרייכט דאס וואסער]; די וואסער=פלעכע, דער וואסער=שפיעגעל; א וואסער=ליניע אדער וואסער=צייכען אין פאפיער.

wa'ter-lined *a.* (הוואה'-טער-לאינד) מיט וואסער=ליניען, מיט האלב=דורכזיכטיגע ליניען [וועגען פאפיער].

wa'ter-logged *a.* (הוואה'-טער-לאגד) פול מיט וואסער [וועגען א שיף, אין וועלכער עס האט ארייננעדרונגען דורך די ריגעס אדער שפאלטען פיעל וואסער און זי איז געווארען אזוי שווער, דאס מען קען זי ניט קירעווען]; דורכגעזאפט מיט וואסער.

wa'ter-main *n.* (הוואה'-טער-מיין) די הויפט=רעהר פון א וואסער=לייטונגס=סיסטעם.

wa'terman *n.* (הוואה'-טער-מען) א שיפער, אן איבערשיפער [איינער וואס פיהרט איבער מענשען אדער זאכען אין א שיף, מיט א פאראם א. ז. וו.]; איינער וואס האלט זיך אויף צווישען בעלי=עגלות און בעשעפטיגט זיך מיט אנטרינקען די פערד; א וואסער=טרעגער, א וואסער=פיהרער.

wa'termanship *n.* (הוואה'-טער-מען-שיפ) שיפעריי, די בעשעפטיגונג פון א שיפער, די קונסט פון רודערען.

wa'ter-mark *n.* *and* *v.* (הוואה'-טער-מארק) א דורכזיכטיגער וואסער=צייכען אויף פאפיער; די וואסער=ליניע [ז. *water-line*]; מאכען וואסער=צייכענס אין פאפיער.

wa'ter-mead'ow *n.* (הוואה'-טער-מעד'-או) א וואסער=לאנקע [א לאנקע וואס ווערט פערפלייצט מיט וואסער אין געוויסע צייטען פון יאהר].

wa'ter-meas'urer *n.* (הוואה'-טער-מעזש'-אור-ער) אזא וואסער=אינזעקט.

wa'termelon *n.* (הוואה'-טער-מעל-אן) א וואסער=מעלאן, א קאווען.

wa'ter-me'ter *n.* (הוואה'-טער-מיע'-טער) א וואסער=מעסטער, אן אינסטרומענט אויטאמאטיש צו פערצייכנען ווי פיעל וואסער עס געהט דורך איהם דורך, אן אינסטרומענט צו בעשטימען ווי פיעל וואסער עס ווערט אויסגעדונסטעט אין א בעשטימטער צייט.

wa'ter-mill *n.* (הוואה'-טער-מיל) א וואסער=מיהל.

wa'ter-mon'key *n.* (הוואה'-טער-מאנ'-קי) אזא ליימענער וואסער=קרוג מיט א הויכען האלז.

wa'ter-mo'tor *n.* (הוואה'-טער-מאו'-טאר) א וואסער=ראד [ווי אין א וואסער=מיהל]; א טורבינע [ז. *turbine*].

wa'ter-mur'rain *n.* (הוואה'-טער-מאר'-איין) אזא קראנקהייט ביי בהמות.

wa'ter-nix'y *n.* (הוואה'-טער-ניק'-סי) א וואסער=גייסט, אן עלף, א רוסאלקע.

wa'ter-ox *n.* (הוואה'-טער-אקס) ז. *water-cow*

wa'ter-par'ting *n.* (הוואה'-טער-פאר'-טינג) ז. *watershed*

wa'terphone *n.* (הוואה'-טער-פאון) אן אינסטרומענט צו בעאבאכטען דעם וואסער=פלוס אין [אונטערערדישע] רעהרען און אויסצוגעפינען, אויב זיי רינען.

wa'ter-pil'lar *n.* (הוואה'-טער-פיל'-אר) ז. *water-crane*

wa'ter-pim'pernel *n.* (הוואה'-טער-פימ'-פער-נעל) ז. *pimpernel*

wa'ter-pipe *n.* (הוואה'-טער-פאיפ) א וואסער=רעהר, א רעהר דורכצולאזען וואסער.

wa'ter-pitch'er *n.* (הוואה'-טער-פיטש'-ער) א קרוג צו האלטען וואסער; אזא פלאנצע מיט קרינגלעך=פערמיגע בליהונגען.

wa'ter-plant *n.* (הוואה'-טער-פלענט) א וואסער=פלאנצע [א פלאנצע וואס וואקסט אין וואסער].

wa'ter-plate *n.* (הוואה'-טער-פלייט) א טעלער מיט צוויי דעקען, צווישען וועלכע עס ווערט ארייננעגאסען הייס וואסער, אום צו האלטען ווארעם די שפייז.

wa'ter-poise *n.* (הוואה'-טער-פאיז) אזא אינסטרומענט צו בעשטימען דאס ספעציפישע געוויכט פון פערשיעדענע פליסיגקייטען [זייער געוויכט אין פערגלייך מיט דעם געוויכט פון וואסער וואס איז גענומען אין דערזעלבער מאס].

wa'ter-pot *n.* (הוואה'-טער-פאט) א טאפ אדער אנדער כלי צו האלטען וואסער; א וואסער=קאן [צו בעשפריצען פלאנצען]; א פיש=טאפ.

wa'ter-pow'er *n.* (הוואה'-טער-פאו'-ער) וואסער=קראפט; דאס וואסער וואס ווערט בענוצט אלס קראפט צו אירגענד וועלכער בעוועגונג.

wa'ter-press *n.* (הוואה'-טער-פרעם) ז. *hydraulic press*

wa'terproof *a.*, *n.* *and* *v.* (הוואה'-טער-פרוהף) וואסער=פעסט, וואסער=דיכט [אזוי געדיכט דאס עס לאזט ניט דורך קיין וואסער]; וואסער=צייג [צייג וואס לאזט דורך זיך ניט דורך קיין וואסער, ווי דאס צייג פון וועלכען מען מאכט רעגען=מאנטלען]; א קאוטשוק=מאנטעל, א רעגען=מאנטעל; מאכען וואסער=דיכט אדער וואסער=פעסט.

wa'terproofer *n.* (הוואה'-טער-פרוה-פער) איינער וואס מאכט צייג אדער אנדערע מאטעריאלען וואסער=דיכט [עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער].

wa'terproofing *n.* (הוואה'-טער-פרוה-פינג) דאס מאכען צייג וואסער=דיכט [עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער]; א מאטעריאל מיט וועלכען מען מאכט צייג וואסער=דיכט [ווי למשל, קאוטשוק].

wa'ter-pump *n.* (הוואה'-טער-פאמפ) א וואסער=פומפ; די אויגען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

wa'ter-rad'ish *n.* (הוואה'-טער-רעד'-איש) אזא וואסער⸗קרעסע. ז. ***water-cress***

wa'ter-ram *n.* (הוואה'-טער-רעם) ז. ***hydraulic ram***

wa'ter-rat *n.* (הוואה'-טער-רעט) ז. ***muskrat***

wa'ter-rate *n.* (הוואה'-טער-רייט) א שטייער אדער טאקסע פאר בעזארגען מיט וואסער.

wa'ter-rent *n.* (הוואה'-טער-רענט) ז. ***water-rate***

wa'ter-rose *n.* (הוואה'-טער-ראוז) ז. ***water-lily***

wa'ter-rot *v.* (הוואה'-טער-ראט) ווייקען אין וואסער [ווי האנף אדער לייווענד].

wa'ter-route *n.* (הוואה'-טער-רוהט) א וואסער⸗וועג [ווי א טייך].

wa'ter-screw *n.* (הוואה'-טער-סקרוה) ז. ***Archimedean screw***

wa'tershed *n.* (הוואה'-טער-שעד) די ליניע, וועלכע טיילט אב אין א לאנד איין טייך מיט אלע איהרע צווייגען פון א צווייטען [דיעזע ליניע בעשטעהט אפט פון א בערג⸗רוקען].

wa'ter-shoot *n.* (הוואה'-טער-שוהט) א רעהר, דורך וועלכען דאס וואסער ווערט ארויסגעגאסען פון א הויז; א צווייגעל וואס שפראצט ארויס פון ווארצעל פון א בוים.

wa'terside *n.* (הוואה'-טער-סאיד) די וואסער⸗זייט, דער ברעג פון א טייך אדער פון ים.

wa'ter-skin *n.* (הוואה'-טער-סקין) א לאגעל. א זאק געמאכט פון א פעל צו טראגען וואסער.

wa'ter-sky *n.* (הוואה'-טער-סקאי) אן אבשפיעגלונג אין הימעל [אין די קאלטע לענדער], וואס דיענט אלס צייכען, אז אונטער יענעם פלאץ געפינט זיך א וואסער.

wa'ter-snail *n.* (הוואה'-טער-סנייל) דער וואסער⸗שנעק [א מין שליאמאק וואס געפינט זיך אין וואסער].

wa'ter-soak *v.* (הוואה'-טער-סאוק) דורכווייקען מיט וואסער.

wa'ter-sod'den *a.* (הוואה'-טער-סאד'ן) צואווייקט פון וואסער; ווייך געווארען דורך וואסער.

wa'ter-sol'dier *n.* (הוואה'-טער-סאול'-דזשער) די אלאע⸗ארטיגע וואסער⸗שער [אזא וואסער⸗פלאנצע].

Water-soldier

w'ater-sou'chy *n.* (הוואה'-טער-סאו'-טשי) פיש געקאכט אין זייער אייגענעם סאוס.

wa'ter-span'iel *n.* (הוואה'-טער-ספענ'-יעל) אזא וואכטעל⸗הונד. ז. ***spaniel***

wa'ter-spi'der *n.* (הוואה'-טער-ספאי'-דער) דער וואסער⸗שפין [אזא שפין וועלכער האלט זיך אויף אין א מין זעקעלע פון שפינוועבס, וואס הענגט אויף א וואסער⸗פלאנצע אונטער'ן וואסער]; אזא וואסער⸗אינזעקט.

wa'ter-spin'ner *n.* (הוואה'-טער-ספינ'-ער) ז. ***water-spider***

wa'terspout *n.* (הוואה'-טער-ספאוט) א וואסער⸗שטראהל, א שפריץ וואסער; א וואסער⸗קישקע, א קישקע צו שפריצען וואסער; א וואסער⸗זייל [אזא ווירבעל⸗שטורם אויף'ן ים, ווען א שווארצער וואלקען לאזט זיך אראב נידריג אין דער פארם פון א לייקע און אונטער איהם הויבט זיך אויף א זייל פון א ברויזענדען וואסער. ז. איל.].



Waterspout

wa'ter-sprite *n.* (הוואה'-טער-ספראיט) א וואסער⸗גייסט, א וואסער⸗שד.

wa'ter-stairs *n.* (הוואה'-טער-סטעהרז) טרעפ וואס פיהרען ארונטער צום וואסער.

wa'ter-stream *n.* (הוואה'-טער-סטריעם) א וואסער⸗שטראם, א טייך.

wa'ter-supply' *n.* (הוואה'-טער-סא-פלאי') די וואסער⸗בעזארגונג [די קוואנטיטעט אדער קוואליטעט פון וואסער וואס בעקומט זיך און ווערט פערברויכט אין א שטאדט, דארף א. ד. ג.; די פערזארגונג מיט וואסער א שטאדט, דארף א. ז. וו.].

wa'ter-ta'ble *n.* (הוואה'-טער-טיי'בל) א לייסט ביי א געביידע אבצואווארפען דאס רעגען⸗וואסער פון די ווענד.

wa'ter-tank *n.* (הוואה'-טער-טענק) א וואסער⸗האלטער, א ציסטערנע, א רעזערוואואר צו האלטען וואסער.

wa'ter-thermom'eter *n.* (הוואה'-טער-טהער-מאמ'-ע-טער) א וואסער⸗טערמאמעטער, אזא טערמאמעטער וואו וואסער ווערט געברויכט אנשטאט קוועקזילבער.

wa'ter the stock (הוואה'-טער טהי סטאק) פערוואסערען די אקציעס [ארויסלאזען מעהר אקציעס איידער די גרויס פון קאפיטאל אדער דער ווערטה פון געשעפט]; אנפאיען אדער אנטרינקען די בהמות.

wa'ter-tight *a.* (הוואה'-טער-טאיט) וואסער⸗דיכט, וואסער⸗פעסט [וואס לאזט דורך זיך ניט דורך קיין וואסער].

wa'terway *n.* (הוואה'-טער-הוויי) א וואסער⸗לויף [דער לויף אדער די שטרעמונג פון וואסער]; א וואסער⸗וועג, א שטראם, דער טייל פון א וואסער, וואו שיפען שטעלען זיך אב.

wa'ter-wheel *n.* (הוואה'-טער-הוויעל) א וואסער⸗ראד, א טורבינע [א ראד וואס ווערט געטריבען דורך וואסער⸗קראפט צו בעוועגען א מאשין, ווי א מיהל א. ד. ג.]; א ראד צום שעפען וואסער.

wa'ter-wing *n.* (הוואה'-טער-הווינג) א וואסער⸗פליגעל [א וואסער⸗וואנד צו שיצען א בריק].

wa'terwork *n.* (הוואה'-טער-הוואירק) א וואסער⸗ווערק; א וואסער⸗לייטונג; א מאשין צו טרייבען וואסער; א סצענע אדער פאראד אויף'ן ים; מאלעריי מיט וואסער⸗פארב; א מין טעפיך געפארבט מיט וואסער⸗פארב.

wa'ter-worn *a.* (הוואה'-טער-הווארן) אויסגענאגט אדער אויסגעריבען פון וואסער [ווי א פעלז, אז וועלכען עס שלאגען זיך אב די וועלען פון א טייך אדער ים].

wa'tery *a.* (הוואה'-טער-אי) וואסערדיג; וואס ענטהאלט וואסער; וואס בעשטעהט פון וואסער; עהנליך צו וואסער; פליסיג; ווייך, צואווייקט, צוקראכען.

watt *n.* (הוואט) א וואט, אן עלעקטרישע איינהייט צו מעסטען די ארבייט פון אן עלעקטרישען שטראם [פאר דער איינהייט ווערט אנגענומען אן עלעקטרישער שטראם פון 1 וואלט שפאנונג און 1 אמפער שטארקייט].

wat'tle *n. and v.* (הוואטל) א ראהם אדער ווענטעל געפלאכטען פון ריטער אדער שטעקענס [ז. ***hurdle***]; א געפלעכט; א ריטעל, א צווייגעל; דאס לעפעל וואס הענגט אראב פון האלז ביי א האהן און אנדערע פויגעל; איינס פון די עקעלעך וואס הענגען אראב ארום מויל ביי געוויסע פיש [ווי ביי א קארפ]; אן אראבהענגענדער קנייטש פון פעל ביי געוויסע מינים חזירים; א מין אקאציען⸗בוים אין אויסטראליען; פלעכטען ריטלעך אין דער פארם פון א נעץ; צוזאמענבינדען מיט ריטלעך אדער צווייגלעך; פלעכטען ווי א קארב.

wat'tle-bark *n.* (הוואט'ל-בארק) די קארע פון געוויסע אויסטראליער אקאציען⸗בוימער, וואס ווערט געברויכט צו גארבען פעל.

wat'tle-bird *n.* (הוואט'ל-בוירד) אזא אויסטראלישער גרויער פויגעל מיט לעפלעך, וואס הענגען אראב איבער די אויערען [ז. איל.]; די טעלאגאלא⸗הוהן [א מין אויסטראלישער אינדיק. ז. ***brush-turkey***].



Wattle-bird

wat'tled *a.* (הוואטלד) מיט אראבהענ⸗

גענדע לעפּלעך [ווי ביי א האהן]; וואס שטעלט פאר דעם קאפ פון א האהן מיט אראבהענגענדע לעפּלעך [וועגען א שילד אדער הערב].

wat'tle-gum *n.* (הוואט'ל-גאם) אזא אויסטראלישע גומי.

wat'tle-tree *n.* (הוואט'ל-טריע) אזא אויסטראלישער אקאציען=בוים.

wat'tle-tur'key *n.* (הוואט'ל-טויר'-קי) ז. ***brush-turkey***.

wat'tlework *n.* (הוואט'ל-הוואירק) דאס פלעכט=ווערק, א זאך וואס איז געפלאכטען פון ריטלעך אדער צווייגלעך.

wat'tling *n.* (הוואט'-לינג) פלעכט=ווערק, א וואנד אדער ראהם וואס איז געפלאכטען פון ריטער.

watt'meter *n.* (הוואט'-מיע-טער) א וואט=מעסטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען עלעקטרישע קראפט אין וואטען. ז. ***watt***.

waul *v.* (הוואהל) שרייען ווי א קאץ, מיאוקען.

wave *n. and v.* (הווייוו) א וועלע, א כוואליע, אן אינד; א וועלענפערמיגע בעוועגונג; עפּעס וואס קומט אן ווי א כוואליע [ווי א שטארקע פאלקס=בעוועגונג, א שטארקע הויבונג פון שטימונג אדער געפיהלען]; א וועלען=עהנליכער גלאנץ [ווי פון זייד]; דער ים, וואסער [אלס פאעטישער אויסדרוק]; אין מעטעאראלאגיע — א שארפע ענדערונג פון טעמפּעראטור איבער א ברייטער געגענד [ווי א כוואליע פון היץ אדער קעלט]; ברייננגען אין א וועלען=בעוועגונג, מאכען עס זאל פליסען וועלען=פערמיג; וויעגען, בעוועגען; סיגנאליזירען שאקלענדיג מיט דער האנד, מיט א פלאג א. ז. וו.; געבען צייכענס, ווינקען; מאכען א וועלען=פערמיגען אוזאר; פלאטערען, וועהען, שווינגען; זיך בעוועגען וועלען=פערמיג; בריינגען א קרבן תנופה [ז. ***wave-loaf***].

waved *a.* (הווייווד) וועלען=פערמיג, ווי כוואליעס; געוועסערט, מיט א וועלען=פערמיגען קאליר [וועגען זייד, שטאהל א. ז. וו.].

wave'less *a.* (הווייוו'-לעס) אהן וועלען, גלאט, רוהיג.

wave'let *n.* (הווייוו'-לעט) א קליינע וועלע אדער כוואליע.

wave'-loaf *n.* (הווייוו'-לאוף) ביי די פארצייטיגע אידען — דער לחם תנופה [א לאבען ברויט פון די ערשטע צייטיגע תבואות, וואס די אידען פלעגען בריינגען אלס קרבן און די כהנים פלעגען עס אויפהויבען אין דער הויך און בעוועגען אין אלע זייטען איידער זיי פלעגען עס פערברענגען אויף'ן מזבח].

wave'-mo'tion *n.* (הווייוו'-מאו'-שאן) א וועלען=פערמיגע בעוועגונג.

wave'-of'fering *n.* (הווייוו'-אפ'-ער-אינג) דער קרבן תנופה, דאס שווינג=אפּפער. ז. ***wave-loaf***.

wa'ver *v. and n.* (הוויי'-ווער) שוועבען, פלאטערען, וועהען, ציטערען; פינקלען, א בליאסק טהאן, גלימערען; שוואנקען, וואקלען; ניט זיין זיכער ביי זיך; זיך שלאגען מיט דער דעה; זיין אונענטשלאסען; איינער אדער עפּעס וואס מאכט פליסען וועלען=פערמיג; אין דרוקעריי — אן אפּאראט וואס ניסט פאנאנדער טינט איבער דעם ברעט אדער איבער די וואלצען פון דער דרוק=פרעס.

wa'verer *n.* (הוויי'-ווער-ער) איינער וואס וואקעלט זיך; איינער וואס שלאגט זיך מיט דער דעה; אן אונענטשלאסענער מענש; איינער אדער עטוואס וואס וואקעלט זיך אדער שאקעלט זיך.

wa'vering *a.* (הוויי'-ווער-אינג) אונענטשלאסען; אונבעשטענדיג.

wa'veringly *adv.* (הוויי'-ווער-אינג-לי) אויף א וואקלענדען, אונענטשלאסענעם שטייגער.

wa'veringness *n.* (הוויי'-ווער-אינג-נעס) דאס וואקלען זיך; אונענטשלאסענהייט, אונבעשטענדיגקייט.

wa'very *a.* (הוויי'-ווער-אי) וואס וואקעלט זיך; וואס שלאגט זיך מיט דער דעה; אונענטשלאסען.

wave'son *n.* (הווייוו'-סאן) סחורות און זאכען וואס בלייבען שווימען אויף'ן וואסער נאך א שיפס=ברוך.

wave the blood'y shirt (הווייוו טהי בלאד'-אי שוירט) דערמאנען די קריוודעס פון אמעריקאנער בירגער=קריעג; אויפוּכען אלטע חטאים, אויפרעקען אלטע וואונדען.

wave'-worn *a.* (הווייוו'-הוואורן) צושלאגען אדער אויסגענאגט פון די וועלען [ווי א פעלזיגער ברעג פון ים].

wa'vey *n.* (הוואה'-ווי) די וואווא, די שנעע=גאנז [אזא ווייסע גאנז].

wa'vily *adv.* (הוויי'-ווי-לי) וועלענפערמיג.

wa'vy *a.* (הוויי'-ווי) וועליג, וועלענפערמיג, וועלענארטיג.

wa'vy *n.* (הוואה'-ווי) ז. ***wavey***.

wawl *v.* (הוואהל) ז. ***waul***.

wax *n. and v.* (הוועקס) 1. וואקס; 2. יעדער שטאף וואס איז עהנליך צו וואקס [ווי טריף=וואקס, זיעגעל=לאק, אויער=וואקס, שוסטער=פעך א. ז. וו.]; 3. וואוטה, ליידענשאפט, צורייצטקייט, אויפגעקאכטקייט; 4. וועקסען, אנוועקסען, פעכען; 5. וואקסען, זיך פערגרעסערען; 6. אריבערגעהן פון איין צושטאנד אין אן אנדערען; ווערען.

4. The shoemaker **waxes** his thread. 5. The moon **waxes** and wanes. 6. He **waxes** strong.

wax'-can'dle *n.* (הוועקס'-קענ'דל) א וואקס=ליכט.

wax'-chand'ler *n.* (הוועקס'-טשענד'-לער) א וואקס=ציהער; איינער וואס מאכט אדער פערקויפט וואקסענע ליכט.

wax'-doll' *n.* (הוועקס'-דאל') א פּופּע אדער ליאלקע געמאכט פון אזא וואקס.

waxed end (הוועקסט ענד) א דראטווע, א שוסטער=פאדים.

wax'en *a.* (הוועקסן) געמאכט פון וואקס, בעדעקט מיט וואקס; עהנליך צו וואקס.

wax'-end' *n.* (הוועקס'-ענד') ז. ***waxed end***.

wax'er *n.* (הוועק'-סער) איינער וואס וואס שמירט אדער בעדעקט עפּעס מיט וואקס; אין א נעה=מאשין צו שטעפּען לעדער און אנדערע הארטע שטאפען — א פארריכטונג איינצוריבען דעם פאדים מיט וואקס.

wax'iness *n.* (הוועק'-סי-נעס) וועקסיגקייט, וואקסיגקייט, דאס האבען דעם כאראקטער אדער אויסזעהן פון וואקס.

wax'ing *n.* (הוועק'-סינג) דאס איינרייבען א פאדים מיט וואקס ביים שטעפּען לעדער א. ד. ג.; אזא מעטאדע צו שווארצען און פאלירען לעדער.

wax'-light *n.* (הוועקס'-לאיט) א וועקסענע ליכט.

wax'-ma'ker *n.* (הוועקס'-מיי'-קער) א וואקס=ציהער. ז. ***wax-chandler***.

wax'-mod'eling *n.* (הוועקס'-מאד'-על-אינג) דאס מאכען פיגורען, ארנאמענטען און רעליעפען פון וואקס.

wax'-myr'tle *n.* (הוועקס'-מויר'טל) ז. ***bayberry***.

wax'-pa'per *n.* (הוועקס'-פּיי'-פּער) וואקס=פּאפּיער [אזא פּאפּיער וואס איז דורכגעזאפּט מיט וואקס].

wax'-red *a.* (הוועקס'-רעד) פון א העלרויטען קאליר, ווי טריף=וואקס.

wax'-tree *n.* (הוועקס'-טריע) דער וואקס=בוים [אזא בוימעל פון די וואַרימע לענדער, מיט טונקעל=בלויע בלומען און מיט לאנגע אוואלע בלעטער, וועלכע זיינען בעדעקט מיט א מין וואקס].

Wax-tree

wax'work *n.* (הוועקס'-הוואירק) וואקס=ארבייט; וואקס=פיגורען.

wax'worker *n.* (הוועקס'-הוואיר-קער) איינער וואס מאכט וועקסענע פיגורען; א ביען וואס מאכט וואקס.

wax'y *a.* (הוועק'-סי) וועקסיג, ווי וואקס; ווייך, קנעטיג.

way *n.* (הוויי) 1. דער וועג, די שטראסע; 2. דער גאנג; 3. דער מהלך, די שטרעקע, די דיסטאנץ; 4. די ריכטונג; 5. דער פארטגאנג, דער פארטשריט; 6. דער געשעפטס=צווייג, די בעשעפטיגונג; 7. די הינזיכט, דער פרט; 8. דער צושטאנד, די לאגע; 9. די בעהאנדלונגס=ארט, די מעטאדע, דער פלאן; 10. די ארט און ווייזע; די ארט, דער שטייגער; 11. דער געזיכטס=קרייז, די ספערע.

3. The house is but a little **way** from here. 4. He comes this **way**. 6. My father is connected with him in a business **way**. 7. You wrong me in every **way**. 8. He has recovered a little, but is still in a very bad **way**. 11. Business is not in my **way**.

way'-bag'gage *n.* (הוויי'-בעג'-עדזש) רייזע=באגאזש.

way'-bea'ten *a.* (הוויי'-ביע'טן) צושלאגען פון וועג, פערמאטערט.

way'-bill *n.* (הוויי'-ביל) א צעטעל פון פּאסאזשירען אדער פון סחורות וואס ווערען געפיהרט איבער'ן לאנד.

way'bread *n.* (הוויי'-ברעד) ז. ***plantain***.

way'fare *v.* (הוויי'-פעהר) ארומגעהן, ארומשפּאצירען, ארומפאהרען.

way'farer *n.* (הוויי'-פעהר-ער) א פאהרער, א רייזענדער; איינער וואס געהט צופוס פון איין שטאדט אין א צווייטער.

way'faring *a.* (הוויי'-פעהר-אינג) וואס רייזט, וואס געפינט זיך אויף א רייזע; וואס געהט צופוס פון איין שטאדט אין אן אנדערער.

way'faring-tree *n.* (הוויי'-פעהר-אינג-טריע) דער וועג=בוים [א מין בוימעל מיט פיעל צווייגען וואס געפינט זיך זעהר אפט ביי די וועגען].

way'-gate *n.* (הוויי'-גייט) די פערטיעפונג, אין וועלכער עס שטראמט אראב דאס וואסער פון א מיהל=ראד.

way'going *a.* (הוויי'-גאו-אינג) אוועקגעהענד; וואס פאהרט אב, וואס געהט אוועק.

way-in' *n.* (הוויי-אין') דער אריינגאנג.

way'lay *v.* (הוויי'-ליי) לויערען, טשאטעווען, ארויסקוקען אויף אימעצען [ווי צו בעראבעווען איהם].

way'layer *n.* (הוויי'-ליי-ער) א לויע=

דער; איינער וועלכער ליעגט פֿערבארגען ארויסקוקענדיג אויף אן אנדערען [הויפּט־זעכליך מיט'ן צוועק צו בעפאלען און צו בערויבען].

way'less *a.* (הוויי'־לעס) אהן א וועג.

way'-ma'ker *n.* (הוויי'־מיי'־קער) א וועג־מאכער, א פּיאנער.

way'-mark *n.* (הוויי'־מארק) א וועג־צייכען, א וועג־ווייזער.

way-out' *n.* (הוויי־אוט') דער ארויס־גאנג.

way'-pas'senger *n.* (הוויי'־פּעס'־ענ־דזשער) א פּאסאזשיר וואס ווערט גענומען אדער אבגעשטעלט אין מיטען וועג.

ways and means (הווייז ענד מיענז) די מיטלען צו דערגרייכען אדער אויספּיהרען עפּעס; אין געזעצגעבונג — מיטלען צו בעקומען געלד פאר די בעדירפֿניסע פון דער מלוכה.

way'-shaft *n.* (הוויי'־שעפט) אין א דאמפּף־מאשין — דער וואל אדער שטאנג וועלכער ברייגנט אין בעוועגונג דעם שיבע־ווענטיל [ז. *slide-valve*].

way'side *n. and a.* (הוויי'־סאיד) די זייט פון וועג; וואס וואקסט אדער וואס געפינט זיך ביי דער זייט פון וועג.

way'-sta'tion *n.* (הוויי'־סטיי'־שאן) א סטאציאן צווישען צוויי הויפּט סטאציאנען פון אן אייזענבאהן.

way-through' *n.* (הוויי־טהרוה') דער דורכגאנג.

way'-train *n.* (הוויי'־טריין) א צוג וואס שטעלט זיך אב אויף אלע סטאציאנען פון דער אייזענבאהן.

way'ward *a.* (הוויי'־הווארד) פּערדריסליך, בייז; אייגענזיניג, פּער'עקשנ'ט, הארטנעקיג; אונבעשטענדיג, ניט רעגעלמעסיג.

way'-war'den *n.* (הוויי'־הוואהר'דן) א וועג־אויפזעהער, איינער וואס גיט אכטונג אויף'ן וועג.

way'wardly *adv.* (הוויי'־הווארד־לי) אויף א פּערדריסליכען, בייזען אדער קאפּריזנעם שטייגער.

way'wardness *n.* (הוויי'־הווארד־נעס) בייזקייט, קאפּריזנקייט.

way'wise *a.* (הוויי'־הוואיז) וואס קען גוט דעם וועג; וואס קען אויסגעפינען א וועג.

way'wode *n.* (הוויי'־הוואוד) ז. *voivode*.

way'worn *a.* (הוויי'־הווארן) פּערמאטערט פון וועג, ערמידעט פון רייזען.

W. C. T. U. ראשי תבות פון די ווערטער ***Woman's Christian Temperance Union*** [א פרויען־געזעלשאפט, וואס האט די אויפגאבע צו בעקעמפּפען דעם געברויך פון אלקאהאלישע משקאות].

We. ***Wednesday*** פערקירצונג פון [מיטוואך].

we *pr.* (הוויע) מיר.

weak *a. and v.* (הוויעק) קראפט־לאז; שוואכליך, קרענקליך, אונגעזונד, שלאף; ניט פעסט, אונבעפעסטיגט; מאכען שוואך, אבשוואכען; שוואך ווערען.

weak'-built *a.* (הוויעק'־בילט) שוואך געבויט, מיט א שוואכען פונדאמענט.

wea'ken *v.* (הוויעקן) שוואך מאכען; שוואך ווערען.

weak'ener *n.* (הוויעק'־נער) אן אבשוואכער, איינער אדער עפּעס וואס מאכט שוואך.

weak'er sex (הוויעק'־ער סעקס) דאס צארטערע אדער שוואכערע געשלעכט [דאס ווייבליכע געשלעכט].

weak'-eyed *a.* (הוויעק'־איד) מיט שוואכע אויגען, שוואכזיכטיג, מיט א שוואכער ראיה.

weak'fish *n.* (הוויעק'־פיש) דער שוואך־מויל, אזא געשמאקער פיש פון אטלאנטישען אקעאן וואס האלט זיך ביי די ברעגען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.



Weakfish

weak'-han'ded *a.* (הוויעק'־הענ'־דעד) מיט שוואכע הענד; אונמעכטיג.

weak'-head'ed *a.* (הוויעק'־העד'־עד) מיט א שוואכען קאפּ, טעמפּ, דום, נאריש.

weak'-hear'ted *a.* (הוויעק'־האר'־טעד) שוואכהערציג, אהן מוטה, אהן קוראזש.

weak'-hinged *a.* (הוויעק'־הינדזשד) שלעכט באלאנסירט, שוואך בעפעסטיגט, ניט אין גלייכגעוויכט.

weak'-kneed *a.* (הוויעק'־ניעד) מיט שוואכע קניע, ניט פעסט אויף די פיס; אונענטשלאסען.

weak'ling *n. and a.* (הוויעק'־לינג) א שוועכלינג, א שוואך בעשעפעניש; שוואך.

weak'ly *a. and adv.* (הוויעק'־לי) שוואכליך, ניט גענוג שטארק; אויף א שוואכען שטייגער.

weak'-min'ded *a.* (הוויעק'־מאינ'־דעד) שוואכזיניג, מיט א שוואכען קאפּ, מיט שוואכע פעהיגקייטען.

weak'-min'dedness *n.* (הוויעק'־מאינ'־דעד־נעס) שוואכזיניגקייט, שוואכקעפיגקייט.

weak'ness *n.* (הוויעק'־נעס) שוואכקייט, שלאפקייט.

weak'-sigh'ted *a.* (הוויעק'־סאי'־טעד) שוואכזיכטיג, מיט א שוואכער ראיה.

weak'-spir'ited *a.* (הוויעק'־ספּיר'־אי־טעד) קליינמוטיג, ווייכהערציג, שרעקעדיג.

weal *n.* (הוויעל) וואוילקייט, רייכקייט, הצלחה; דאס וואוילזיין, דאס גליק.

wealth *n.* (הוועלטה) רייכטום, פערמעגען, רייכקייט, עשירות; איבערפלוס, שפע, פיעלקייט.

weal'thily *adv.* (הוועל'־טהי־לי) אויף א רייכען שטייגער, רייך.

weal'thiness *n.* (הוועל'־טהי־נעס) רייכטום, רייכקייט, פערמעגליכקייט.

weal'thy *a.* (הוועל'־טהי) רייך; מיט איבערפלוס, שפע'דיג.

wean *v.* (הוויען) אנטוועהנען [פון דער מוטער'ס ברוסט]; אבגעוועהנען, דערווייטערען.

wea'nel *n.* (הוויע'־נעל) ז. ***weanling***.

wean'ling *n.* (הוויען'־לינג) אן אנטוועהנט קינד אדער טהיער.

weap'on *n.* (הוועפּ'־אן) א וואפע, כלי זיין, געוועהר; אין נאטור־געשיכטע — עטוואס וואס דיענט אלס פערטיידיגונגס־מיטעל ביי חיות אדער פלאנצען [ווי א דארן אדער שטאכעל אין א פלאנצע, אדער א שטאכעל, נאגעל, הארן, צאהן א. ז. וו. פון א חיה].

weap'oned *a.* (הוועפּ'־אנד) בעוואפּפענט.

weap'onless *a.* (הוועפּ'־אנ־לעס) אונבעוואפענט, אהן געוועהר.

weap'on-smith *n.* (הוועפּ'־אנ־סמיטה) א וואפען־שמיעד.

wear *v. and n.* (הוועהר) 1. טראגען [ווי קליידער]; 2. טראגען; ארויסצייגען, ארויסווייזען; 3. אבטראגען, אבניצען; 4. זיך טראגען; 5. אבקרייבען; אויסרייבען; 6. ערמידען, אויסמאטערען; 7. צוגעוועהנען, ארויפּפיהרען; 8. אבמעקען; 9. אויסקירעווען [א שיף] מיט דעם הינטערטייל צום ווינד; 10. זיך אבטראגען, זיך אבניצען; ווערען אויסגעריבען; 11. אויסהאלטען, זיך האלטען, דויערען; 12. שטופענווייז פערגעהן אדער פערשווינדען; 13. לאנגזאם זיך בעוועגען; שטופענווייז אנקומען אדער פּראגרעסירען; 14. ווערען אויסגעקירעוועט מיט דעם הינטערטייל צום ווינד [וועגען א שיף]; 15. דאס טראגען [ווי קליידער, צירונג א. ז. וו.]; געברויך; 16. קליידונגס־וואארע; 17. קליידונג; מאדע; 18. אבטראגונג, אבניצונג; געברויך.

4. This suit will **wear** well. 6. He **wears** out his opponents. 11. He **wears** as a friend. 12. The day **wears** away. 17. He is a dealer in women's **wear**.

wear *n.* (הוועהר) ז. ***weir***.

wear'able *a. and n.* (הוועהר'־עבל) וואס קען געטראגען ווערען [וועגען קליידער]; א בגד, א קלייד.

wear and tear (הוועהר ענד טעהר) אבניצונג, אבטראגונג.

In cost accounting we must allow for **wear and tear** of machinery.

wear away' (הוועהר ע־הוויי') אבטראגען, אבניצען; מאכען פערגעהן, אבווישען; ווערען אבגעטראגען, ווערען אבגעניצט; פערגעהן, פערשווינדען.

wear'er *n.* (הוועהר'־ער) איינער וואס טראגט אויף זיך [ווי א קלייד, א שווערד, א בארד א. ז. וו.]; דאס וואס ניצט אב, טראגט אב אדער רייבט אב.

wear horns (הוועהר האהרנז) טראגען הערנער [וועגען אן אבגענארטען מאן וואס די פרוי איז איהם אונטריי].

wear'iable *a.* (הוויער'־אי־עבל) וואס קען מיעד ווערען.

wear'ied *a.* (הוויער'־איד) מיעד, אויסגעמאטערט.

wear'iful *a.* (הוויער'־אי־פול) ערמיעדענד, נודנע, לאנגווייליג.

wear'ifully *adv.* (הוויער'־אי־פול־אי) אויף א לאנגווייליגען אופן.

wear'ily *adv.* (הוויער'־אי־לי) מיעד; לאנגווייליג.

wear'iness *n.* (הוויער'־אי־נעס) מיעדקייט, אויסגעמאטערטקייט; לאנגווייליגקייט, נודנעקייט.

wear'ing *n. and a.* (הוועהר'־אינג) דאס טראגען; אבניצונג, אבטראגונג; פערלויף; דאס פערגעהן, דאס פערשווינדען; א מלבוש, קליידער; ערמידענד, אויסמאטערענד; אבניצענד, אבטראגענד.

wear'ing-appar'el *n.* (הוועהר'־אינג־ע־פּער'־על) קליידער.

wear'isome *a.* (הוויער'־אי־סאם) ערמיעדענד, אויסמאטערענד; מאנאטאנע, לאנגווייליג, נודנע, לעסטיג.

wear'isomely *adv.* (הוויער'־אי־סאם־לי) אויף אן ערמידענדען, לעסטיגען אדער לאנגווייליגען אופן.

wear'isomeness *n.* (הוויער'־אי־סאם־נעס) לעסטיגקייט, לאנגווייליגקייט, נודנעקייט.

wear one's heart upon' one's sleeve (הוועהר הוואנז הארט א-פאן' הוואנז סליעוו) האבען אויף דער צונג וואס עס איז אויף דער לונג.

wear out (הוועהר אוט) אבניצען, אבטראגען; פערברייגגען, פערשווענדען [לאנגזאם און לאנגווייליג די צייט]; אבמעקען, אברייבען, אויסמעקען; ערמידען, פערמאטערען, אויסמאטערען; פלאגען, קוועלען.

wear the black cloth (הוועהר טהי בלעק קלאהטה) זיין א גלח.

wear the breech'es (הוועהר טהי בריטש'-עז) טראגען די הויזען [וועגען א פרוי וואס געוועלטיגט איבער'ן מאן].

wear well (הוועהר הוועל) זיך גוט טראגען; אויסהאלטען, זיך האלטען אדער בלייבען אין א גוטען צושטאנד.

wear'y *a. and v.* (הוויער'-אי) מיעד; איבערדריסיג; ערמיעדענד, פערמאטערנד; לעסטיג; ערמיעדען, מיעד מאכען, פערמאטערען; מיעד ווערען; בעלעסטיגען, לאנגווייליען; בייגקען, געלוסטען.

wear'y out (הוויער'-אי אוט) אויסמאטערען, ערשעפפען.

wea'sand *n.* (הוויע'-זענד) די לופטרעהר פון האלז, דער גארגעל.

wea'sel *n.* (הוויעזל) א וויזעל [א בלוטדורשטיג חיה'לע וואס נעהרט זיך מיט קליינע חיות און פויגלען].

wea'sel-faced *a.* (הוויע'זל-פייסט) מיט דינע, שפיציגע געזיכטסצינע.

wea'sel-fish *n.* (הוויע'זל-פיש) ז. *whistle-fish*

weath'er *n., a. and v.* (הוועטה'-ער) דאס וועטער; אן אומענדערונג פון וועטער; אן ענדערונג; אן ענדערונג פון שיקזאל; וואס ליעגט צו דער ווינד=זייט, אין דער ריכטונג פון וועלכער דער ווינד בלאזט; אויסשטעהן אדער אויסהאלטען א שטורם=ווינד; ווידערשטעהן, אויסהאלטען; אריבערקומען, בייקומען, איבערווינדען [א שוועריגקייט]; לופטערען; טריקענען אויף דער לופט; אוועקנעהמען דעם קאליר, טיילווייז צוברעקלען אדער צופיצלען [וועגען שטיינער אונטער דער ווירקונג פון דער לופט]; אין ארכיטעקטור — געבען אן עטוואס=קרומע ריכטונג אדער משופע'דיגקייט צו אן אונגעפעהר האריזאנטאלער פלעכע, אום דאס רעגענוואסער זאל קענען אראברינען פון דארט; אין זעע=פאהרט — פארבייפאהרען [א פלאץ] אנטקעגען דעם ווינד; זיך ענדערען אונטער דער ווירקונג פון וועטער אדער אטמאספערע [ווי שטיינער]; ווידערשטעהן, אויסשטעהן אדער אויסהאלטען די ווירקונג פון וועטער.

weath'er-bea'ten *a.* (הוועטה'-ער-ביע'טן) 1. געשלאגען אדער בעשעדיגט פון שלעכטען וועטער; 2. פערהארטעוועט, זייענדיג צוגעוועהנט צו יעדען וועטער.

1. The weather-beaten roof of the cottage is leaking badly. 2. He is a weather-beaten sailor.

weath'er-bit'ten *a.* (הוועטה'-ער-ביט'ן) בעשעדיגט אדער אבבלאקירט אונטער דער ווירקונג פון וועטער.

weath'er-board *v. and n.* (הוועטה'-ער-באורד) בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז מיט ברעטער, וועלכע ווערען אריבערגעלעגט מיט די ברעגען איינע איבער די אנדערע ווי שינדלען [אום דער רעגען זאל ניט קענען אריין צווישען זיי]; א ברעט צו בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז.

weath'er-boar'ding *n.* (הוועטה'-ער-באור'-דינג) דאס בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז מיט ברעטער, וועלכע ווערען אריבערגעלעגט איינע איבער די אנדערע ווי שינדלען; די ברעטער צו בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז.

weath'er-bound *a.* (הוועטה'-ער-באונד) צוריקגעהאלטען אדער פערהאלטען פון שלעכטען וועטער.

weath'er-box *n.* (הוועטה'-ער-באקס) א וועטער=הייזעל [אן אינסטרומענט אין דער פארם פון א קליין הייזעל, וואס ארבייט אויטאמאטיש אזוי, אז די פיגור פון א מאן קומט ארויס פארויסצוזאגען רעגען און די פיגור פון א פרוי פארויסצוזאגען שעהן וועטער].

weath'er-brained *a.* (הוועטה'-ער-בריינד) ז. *feather-brained*

weath'er-bree'der *n.* (הוועטה'-ער-בריע'-דער) א שעהנער טאג. נאך וועלכען עס קומט א שטורם.

Weath'er Bu'reau (הוועטה'-ער ביו'-ראו) די וועטער=ביורא [א ביורא פון דעם מיניסטעריום פון ערד=ארבייט אין וואשינגטאן אויף וועלכען עס ליעגט די אויפגאבע צו קלייבען און פערשפרייטען ידיעות וועגען וועטער].

weath'er-cast *n.* (הוועטה'-ער-קעסט) וועטער=נביאות.

weath'er-cas'ter *n.* (הוועטה'-ער-קעס'-טער) א וועטער=נביא.

weath'er-chart *n.* (הוועטה'-ער-טשארט) א וועטער=קארטע [א לאנדקארטע וואו עס ווערען אנגעצייכנט אלע איינצעלהייטען וועגען וועטער איבער א גרויסען שטח לאנד].

weath'ercock *n.* (הוועטה'-ער-קאק) א וועטער=האהן; א פליוגער, א ווינדפאהן [צו צייגען די ריכטונג פון ווינד]; א לייכטזיניגער, גיט געזעצטער מענש.

weath'er-deck *n.* (הוועטה'-ער-דעק) אן אונבעשיצטער דעק פון א שיף וועלכער איז אויסגעזעצט צו דער ווירקונג פון וועטער.

weath'er-driv'en *a.* (הוועטה'-ער-דריוו'ן) געטריבען פון ווינטען אדער שטורמס.

weath'ered *a.* (הוועטה'-ערד) בעשעדיגט אדער אבבלאקירט פון דער לופט אדער שלעכטען וועטער; פערהארטעוועט אונטער דער ווירקונג פון וועטער; אין ארכיטעקטור — עטוואס משופע'דיג [אום עס זאל קענען אראברינען דאס רעגענוואסער].

weath'er-fend *v.* (הוועטה'-ער-פענד) שיצען געגען וועטער.

weath'er-flag *n.* (הוועטה'-ער-פלעג) א פלאג וואס דיענט אלס א וועטער=סיגנאל; איינער פון די פלאגען וואס ווערען געברויכט פון וועטער=ביורא [ז. *Weather Bureau*] אנצוצייגען דאס וועטער, וואס מען ערווארטעט אין א געוויסער געגענד אין פערלויף פון די קומענדע 36 שטונדען.

weath'er-fore'cast *n.* (הוועטה'-ער-פאור'-קעסט) וועטער=נביאות; פארויסזאגונגען וועגען וועטער פאר א טאג אדער צוויי, וועלכע ווערען טעגליך פערעפענטליכט פון דעם וועטער=ביורא. ז. *Weather Bureau*

weath'er-gage *n.* (הוועטה'-ער-גיידזש) א בעסערע לאגע בנוגע צום ווינד; א גרעסערע נאהענטקייט צום ווינד [אלס פערגלייך צווישען צוויי שיפען]; פארצוג, אויבערהאנד.

weath'er-glass *n.* (הוועטה'-ער-גלעס) א וועטער=גלאז, א וועטער=מעסטער; א טערמאמעטער, א בארא מעטער. ז. *barometer* און *thermometer*

weath'er-har'dened *a.* (הוועטה'-ער-האר'דנד) פערהארטעוועט געגען וועטער, צוגעוועהנט צו יעדען וועטער.

weath'er-house *n.* (הוועטה'-ער-האוס) ז. *weather-box*

weath'ering *n.* (הוועטה'-ער-אינג) אין ארכיטעקטור — אן עטוואס קרומע ריכטונג אדער משופע'דיגקייט וואס ווערט צוגעגעבען צו אן אונגעפעהר האריזאנטאלער פלעכע, אום דער רעגען זאל קענען לייכט אראברינען פון דארט; די ווירקונג פון דער לופט אויף פעלזען אדער שטיינער וואס בעשטעהט אין דער ענדערונג פון זייער קאליר און זייער טיילווייזער צוברעקלונג.

weath'erliness *n.* (הוועטה'-ער-לי-נעס) דאס קענען זעגלען שנעל אנטקעגען דעם ווינד אהן אבווייכונג פון דעם ריכטיגען וועג [וועגען א שיף].

weath'er-lore *n.* (הוועטה'-ער-לאור) דער אבערגלויבען און די שפריכווערטער וואס האבען א שייכות צום וועטער.

weath'erly *a.* (הוועטה'-ער-לי) וואס קען זעגלען שנעל אנטקעגען דעם ווינד אהן אבווייכונג פון דעם ריכטיגען וועג [וועגען א שיף].

weath'er-map *n.* (הוועטה'-ער-מעפ) ז. *weather-chart*

weath'er-mol'ding *n.* (הוועטה'-ער-מאול'-דינג) ז. *dripstone*

weath'ermost *a.* (הוועטה'-ער-מאוסט) צום סאמע ווינד; וואס ליעגט צום סאמע ווינד.

weath'er-nota'tion *n.* (הוועטה'-ער-נא-טיי'-שאן) וועטער=נאטאציאן, וועטער=בעצייכנונג, די ראשי תבות וואס ווערען געברויכט אויף וועטער=קארטען [ווי *r* אנשטאט *rain*, *s* אנשטאט *snow* א. ז. וו.].

weatherol'ogy *n.* (הוועטה-ער-אל'-א-דזשי) מעטעאראלאגיע [א הומאריסטישער נאמען פאר *meteorology*]

weath'er-plant *n.* (הוועטה'-ער-פלענט) די וועטער=פלאנצע, די אינדישע לאקריץ=פלאנצע [וועגען וועלכער עס ווערט בעהויפטעט, אז מען קען לויט סמנים אויף איהר פארויסזאגען דאס וועטער].

weath'er-proof *a.* (הוועטה'-ער-פרוהף) וועטער=שטארק, וועטער=פעסט [וואס קען אויסהאלטען א שלעכט וועטער].

weath'er-proph'et *n.* (הוועטה'-ער-פראפ'-עט) א וועטער=נביא; אן אינסטרומענט פארויסצוזאגען דאס וועטער [ווי א וועטער=הייזעל]. ז. *weather-box*

weath'er-report' *n.* (הוועטה'-ער-רי-פאורט') א וועטער=בעריכט [א טעגליכער בעריכט פון א וועטער=ביורא וועגען וועטער און זיינע וואהרשיינליכע ענדערונגען].

weath'er-ser'vice *n.* (הוועטה'-ער-סויר'-וויס) א וועטער=דעפארטאמענט [א רעגיערונגס=דעפארטאמענט, אויף וועלכען

עס ליעגט די אויפגאבע צו קלייבען און פערשפרייטען ידיעות וועגען וועטער].

weath′er-shore *n.* (הוועטה′-ער-שאור) דער ברעג [פון ים] פון וואנען דער ווינד בלאזט.

weath′er-side *n.* (הוועטה′-ער-סאיד) די ווינד-זייט [די זייט פון וועלכער דער ווינד בלאזט].

weath′er-sig′nal *n.* (הוועטה′-ער-סיג′-נעל) א וועטער-סיגנאל [א סיגנאל, ווי א פלאג, אנצוצייגען דאס וועטער, וואס מען ערווארטעט אין א געוויסער געגענד].

weath′er-spy *n.* (הוועטה′-ער-ספאי) א וועטער-נביא.

weath′er-stain *n.* (הוועטה′-ער-סטיין) א וועטער-פלעק [אן אבבלאקירונג אדער ענדערונג פון פארב וואס איז געווארען דורך דער ווירקונג פון וועטער].

weath′er-stained *a.* (הוועטה′-ער-סטיינד) אבבלאקירט אדער געענדערט אין פארב דורך דער ווירקונג פון וועטער.

weath′er-sta′tion *n.* (הוועטה′-ער-סטיי′-שאן) א וועטער-סטאציאן [א פלאץ, וואו טעגליכע מעטעאראלאגישע בעאבאכטונגען ווערען געמאכט און בעריכטעט צו א צענטראלער וועטער-ביורא].

weath′er-sym′bol *n.* (הוועטה′-ער-סים′-באל) א וועטער-סימבאל, א וועטער-צייכען [צו פערצייכנען דאס וועטער אויף מעטעאראלאגישע קארטען].

weath′er-vane *n.* (הוועטה′-ער-וויין) א וועטער-פאהן, א ווינד-פאהן, א פליוגער, א וועטער-האהן [צו צייגען די ריכטונג פון ווינד].

weath′er-wise *a.* (הוועטה′-ער-הוואיז) וואס קען טרעפען די פאגאדע, וואס קען פארויסזאגען דאס וועטער.

weath′er-work *n.* (הוועטה′-ער-הוואירק) א בעשיצונג געגען ווינדען און שטורעמס.

weath′er-worn *a.* (הוועטה′-ער-הוואורן) אבגעריבען, בעשעדיגט אדער אבגעבלאקירט פון וועטער אדער פון דער לופט.

weave *v. and n.* (הוויעוו) פלעכ-טען; ווע בען; איינוועבען, ארייגפלעכטען, צוזאמענוועבען, צוזאמענפלעכטען; פערפאסען, אויסטראכטען, צונויפשטעלען, אויסארבייטען; דאס וועבען; דאס געוועב.

wea′ver *n.* (הוויע′-ווער) א וועבער; דער וועבער-פויגעל [ז. *weaver-bird*]; א שפין וואס וועבט שפינוועבס; דער פעטער-פיש [ז. *weever*].

wea′ver-bird *n.* (הוויע′-ווער-בוירד) דער וועבער-פויגעל [א פויגעלע פון די ווארימערע טיילען פון אזיען, אפריקא און אויסטראליען וואס מאכט א געוועבטע נעסט אויף א פלינקען און קונסטפאלען אופן].

wea′ver-fish *n.* (הוויע′-ווער-פיש) ז. *weever*

wea′ver-shell *n.* (הוויע′-ווער-שעל) ז. *weaver's-shuttle*

wea′ver's-shut′tle *n.* (הוויע′-ווערז-שאט′ל) אזא וואסער-בעשעפעניש מיט א מושעל וואס איז עהנליך צו א וועב-שיפעל.

Weaver's-shuttle

wea′vers′ shut′tle-shell (הוויע′-ווערז שאט′ל-שעל) ז. *weaver's shuttle*

wea′zand *n.* (הוויע′-זענד) ז. *weasand*

wea′zel *n.* (הוויעזל) ז. *weasel*

wea′zen *a.* (הוויעזן) ז. *wizen*

wea′zened *a.* (הוויעזנד) ז. *wizen*

web *n. and v.* (הוועב) א געוועב; נע-וועבטעס צייג; א ראלע פון אנגעוויקעלטען שטאף; א גרויסע ראלע פון אנגעוויקעלטען פאפיער וואס ווערט געברויכט ביים דרוקען צייטונגען; א ברייטע דינע פלאטע; דאס קלינגעל פון א זעג; די מעטאלענע פלאטע וואס פעראייניגט צוויי טיילען פון עפעס; דאס בערדעל פון א שליסעל; דער ארם אדער שטאנג פון א הויבעל; דער פלאכער ווייכער טייל פון א פעדער; דאס שווים-הייטעל צווישען די פינגער פון א שווים-פויגעל אדער שווים-חיה; שפינוועב, פאוועטינע; א פאסטקע אריינצוכאפען אימעצען אדער עפעס; אין אנאטאמיע — א פערבינדונגס-געוועב [יעדער טייל פון קערפער וואס בעשטעהט פון פאזערען אדער הייטלעך, איבערגעווארפען איינע איבער די אנדערע צו אונטערהאלטען פעטס און אנדערע ווייכע שטאפען]; בעדעקען מיט א געוועב, איינוויקלען; פעראייניגען מיט א הייטעל [ווי די פינגער פון א שווים-פויגעל].

web′bing *n.* (הוועב′-אינג) א שטארקעס, גראבעס געוועב; די שווים-הייטלעך פון פויגלען.

web′by *a.* (הוועב′-אי) וואס איז שייך צו א געוועב; עהנליך צו א געוועב; ווי א הייטעל.

web′-foot *n.* (הוועב′-פוט) א פוס, ביי וועלכען די פינגער זיינען פעראייניגט דורך א הייטעל [ווי ביי די שווים-פויגעל].

web′-foot′ed *a.* (הוועב′-פוט′-עד) וואס די פינגער פון די פיס זיינען פעראייניגט מיט א הייטעל [ווי ביי שווים-פויגעל].

web′-foot′edness *n.* (הוועב′-פוט′-עד-נעס) דאס האבען פיס, ביי וועלכע די פינגער זיינען פעראייניגט דורך א הייטעל.

web′-machine′ *n.* (הוועב′-מע-שין′) ז. *web-press*

web′-press *n.* (הוועב′-פרעס) א ראטאציאנס-מאשין צו דרוקען צייטונגען.

web′ster *n.* (הוועב′-סטער) א וועבער.

web′-toed *a.* (הוועב′-טאוד) ז. *web-footed*

wed *v.* (הוועד) הייראטען, חתונה האבען; פערהייראטען; פעראייניגען, פערביגדען; זיין שטארק צוגעבונדען צו עפעס [ווי צו א געוועהנהייט אדער מיינונג].

Wed. פערקירצונג פון *Wednesday*

wed′ded *a.* (הוועד′-עד) פערהייראט; פערבונדען מיט...

wed′der *n.* (הוועד′-ער) איינער וואס פערהייראט; א שעפס, א באראן [ז. *wether*].

wed′ding *n.* (הוועד′-אינג) א האכצייט, א חתונה.

wed′ding-bed *n.* (הוועד′-אינג-בעד) דאס בעט פון א פאר פאלק וואס האבען ערשט חתונה געהאט.

wed′ding-cake *n.* (הוועד′-אינג-קייק) ז. *bride-cake*

wed′ding-cards′ *n.* (הוועד′-אינג-קארדז′) איינלאדונגס-קארטען צו א חתונה.

wed′ding-chest *n.* (הוועד′-אינג-טשעסט) דער קאסטען וואו א כלה האלט איהרע חתונה-קליידער אדער איהר אויסשטאטונג.

wed′ding-clothes′ *n.* (הוועד′-אינג-קלאוטהז′) חתונה-קליידער.

wed′ding-day *n.* (הוועד′-אינג-דיי) דער האכצייטס-טאג, דער טאג פון דער חתונה, דער חופה-טאג.

wed′ding-dow′er *n.* (הוועד′-אינג-דאו′-ער) נדן.

wed′ding-dress *n.* (הוועד′-אינג-דרעס) א חתונה-קלייד.

wed′ding-fa′vor *n.* (הוועד′-אינג-פיי′-ווער) א בינטעל ווייסע סטענגעס, א ראזעטקע א. ז. וו. וואס מען טראגט אויף א חתונה.

wed′ding-feast *n.* (הוועד′-אינג-פיעסט) א חתונה-מאהלצייט.

wed′ding-gar′ment *n.* (הוועד′-אינג-גאר′-מענט) א חתונה-קלייד.

wed′ding-gown *n.* (הוועד′-אינג-גאון) א האכצייטס-קלייד, א חתונה-קלייד, א חופה-קלייד.

wed′ding-night *n.* (הוועד′-אינג-נאיט) די חתונה-נאכט.

wed′ding-ring *n.* (הוועד′-אינג-רינג) א חתונה-פינגערל, א טרוי-רינג; א טבעת קדושין.

wed′ding-song *n.* (הוועד′-אינג-סאהנג) א חתונה-ליעד, א ליעד וואס ווערט געזונגען אויף א חתונה לכבוד חתן-כלה.

wedge *n. and v.* (הוועדזש) א קליןן; עפעס וואס האט די פארם פון א קלין [ווי א קלין-פערמיגע מאסע סאלדאטען]; א משכון, א פפאנד; צושפאלטען מיט א קלין; פערקלינעוועז, אריינשלאגען א קלין, פערפעסטיגען מיט א קלין.

Wedge

wedge′bill *n.* (הוועדזש′-ביל) דער קלין-שנאבעל, א מין זשום-פויגעלע. ז. *humming-bird*

wedge′-bone *n.* (הוועדזש′-באון) א קייל-ביין אדער קלין-ביין [א ביינדעל ביי דער פעראייניגונג פון צוויי רוקען-ביינדלעך].

wedged *a.* (הוועדזשד) ז. *wedge-shaped*

wedge′-photom′eter *n.* (הוועדזש′-פא-טאמ′-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען די העלקייט פון שטערען.

wedge′-press *n.* (הוועדזש′-פרעס) אזא פרעס אויסצודריקען אויל פון זוימען.

wedge′-shaped *a.* (הוועדזש′-שייפט) קלין-ארטיג, ווי א קלין.

Wedg′wood ware (הוועדזש′-הוואוד הוועהר) וועדזשוואוד-געשיר. ז. *pebbleware*

wedg′y *a.* (הוועדזש′-אי) קלין-פערמיג; וואס זעהט אויס ווי א קלין.

wed′lock *n. and v.* (הוועד′-לאק) הייראט, הייראטס-שטאנד; פערהייראטען, חתונה מאכען.

Wednes′day *n.* (הווענז′-דיי) מיטוואך.

wee *a. and n.* (הוויע) קליין, זעהר קליין; א פיצעל; זעהר א קליינער מהלך; זעהר א קורצער צייט-דויער.

weed *n. and v.* (הוויעד) אונקרויט, פאלאוויע, אוננוציגע גראזען וואס וואקסען צווישען זאנגען, בלומען און גארטען-פלאנצען; א שלעכטעס וועט-לויף-פערד; א ציגאר; טאבאק; א קלייד, אן אויבער-מאנטעל; בגדים; א מין קראנקהייט פון פערד; יעטען, פאלען [ארויסרייסען די אונקרויט]; אויסווארצלען, אויסראטען; בעפרייען פון עפעס שעדליכעס.

wee′der *n.* (הוויע′-דער) א יעטער; איי-

נער אדער עפעס וואס רייסט אויס די אונקרויט; א פערטיליגער, א פערניכטער.

weed'-hook *n.* (הוויעד'-הוק) א יעטהעקעל.

wee'diness *n.* (הוויע'-די-נעס) דאס זיין פול מיט אונקרויט אדער פאלאוויע.

wee'ding *n.* (הוויע'-דינג) דאס יעטען, דאס פאלען, דאס ארויסרייסען די אונקרויט אדער פאלאוויע.

wee'ding-chis'el *n.* (הוויע'-דינג-טשיז'-על) אזא אינסטרומענט אין דער פארם פון א דלאט צו יעטען א פעלד אדער גארטען.

wee'ding-fork *n.* (הוויע'-דינג-פאהרק) אזא מין גאפעל וואס ווערט בענוצט צו יעטען א פעלד אדער גארטען פון אונקרויט.

wee'ding-hook *n.* (הוויע'-דינג-הוק) ז. *weed-hook*.

wee'ding-tool *n.* (הוויע'-דינג-טוהל) א יעט=געצייג [א געצייג אויסצואווארצלען אונגוציגע אדער שעדליכע גראזען].

weed'less *a.* (הוויעד'-לעס) פריי פון אונגוציגע אדער שעדליכע גראזען.

wee'dy *a.* (הוויע'-די) פול מיט אונגוציגע אדער שעדליכע גראזען; ווי אונקרויט אדער פאלאוויע; אונגווירדיג [וועגען א וועט=לויף=פערד וואס האט ניט די קראפט אדער געשווינדקייט אויסצוהאלטען א וועט=לויף].

week *n.* (הוויעק) א וואך; די זעקס ארבייטס=טעג פון וואך [אויסער זונטאג אדער שבת]; א ווינקעל [ווי די ווינקלען פון מויל אדער פון אויג].

week'-day *n.* (הוויעק'-דיי) א וואכעדיגער טאג, איינער פון די טעג אין דער וואך אויסער שבת אדער זונטאג.

week'-end *n. and v.* (הוויעק'-ענד) די ענד פון דער וואך [געוועהנליך פון פרייטאג אבענד ביז מאנטאג פריה, וועלכע מען בענוצט אלס פרייע צייט]; בענוצען די ענדע פון דער וואך אלס פרייע צייט [ווי אין שולען א. ד. ג.].

week'ly *a., adv. and n.* (הוויעק'-לי) וועכענטליך; אלע וואך, יעדע וואך; איין מאל אין וואך; א וואכענבלאט, א וועכענטליכע צייטונג.

week'ly pa'per (הוויעק'-לי פיי'-פער) א וואכענבלאט [א צייטונג וואס נעהט ארויס איין מאל אין וואך].

week'ly publica'tion (הוויעק'-לי פאב-לי-קיי'-שאן) א וואכענשריפט. ז. *weekly paper*.

week'-ten'ant *n.* (הוויעק'-טען'-ענט) א שכן, וואס צאהלט דירה=געלד אלע וואך.

week'-wa'ges *n.* (הוויעק'-הוויי'-דזשעז) וואכען=שכירות, שכירות אדער בעלוינונג פאר ארבייט וואס דער ארבייטער בעקומט יעדע וואך.

ween *v.* (הוויען) מיינען, דענקען.

weep *v.* (הוויעפ) וויינען, קלאגען, פערגיסען טרעהרען; בעוויינען, בעקלאגען; לאזען פאלען טראפענווייז, טריפען וואסער, רעגענען; ארויסלאזען פייכטקייט, זיין פייכט; האבען אראבהענגענדע צווייגען [וועגען א בוים].

wee'per *n.* (הוויע'-פער) א וויינער, א קלאגער, א וויינעריז, א קלאגערין; איינער אדער איינע, וועלכע מען דינגט צו בעוויינען א געשטארבענעם; א טרויער=באנד, א טרויער=צייכען; די קאפוציז=אפע [אזא דרום=אמעריקאנישע אפע].

wee'ping *a. and n.* (הוויע'-פינג) וויינענד; א געוויין, א קלאג.

wee'ping-birch *n.* (הוויע'-פינג-בירטש) די טרויער=בירקע [אזא בירקענבוים אדער בעריאזע מיט אראבהענגענדע צווייגלעך].

wee'ping-grounds *n.* (הוויע'-פינג-גראונדז) א פייכטער אדער נאסער באדען.

wee'pingly *adv.* (הוויע'-פינג-לי) מיט געוויין; אין טרעהרען.

wee'ping-ripe *a.* (הוויע'-פינג-ראיפ) גרייט צו וויינען.

wee'ping-spring *n.* (הוויע'-פינג-ספרינג) א קוואל פון וועלכען דאס וואסער טריפט זעהר לאנגזאם.

wee'ping-wil'low *n.* (הוויע'-פינג-הוויל'-או) די טרויער=ווערבע [אן אנגעבויגענע ווערבע מיט אראבהענגענדע צווייגלעך].

weep I'rish (הוויעפ אי'-ריש) אויסדריקען מיטגעפיהל דורך קלאגען און וויינען.

wee'ver *n.* (הוויע'-ווער) דער פעטער=פיש [אזא פיש מיט זעהר שטייפע און שפיציגע שטאכלען וואס שטארצען ארויס פון רוקען און פון בויך].



Weever

wee'ver-fish *n.* (הוויע'-ווער-פיש) ז. *weever*.

wee'vil *n.* (הוויעוול) דער וויעבעל, דער קארן=ווארים [אזא קליין זשוקעל וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען און שעדיגט תבואות].

wee'viled *a.* (הוויעוולד) פול מיט קארן=ווערים [ווי תבואה]. ז. *weevil*.

wee'villed *a.* (הוויעוולד) ז. *weeviled*.

wee'villy *a.* (הוויע'וול-אי) ז. *weeviled*.

wee'vily *a.* (הוויע'וול-אי) ז. *weeviled*.

weft *n.* (הוועפט) דער קווער=פאדים פון א געוועב [דער פאדים וואס געהט אין דער ברייט פון קרייקע ביז קרייקע].

wehr'wolf *n.* (הוואיר'-הוואולף) ז. *werwolf*.

weigh *v. and n.* (הוויי) 1. וועגען, אבוועגען, אויסגעפינען דאס געוויכט פון א זאך; 2. נאכדענקען, זיך איבערלעגען, אבשאצען דעם ווערטה אדער די מעלות פון עפעס; 3. דריקען אויף אימעצען אדער עפעס, זיין ווי א משא אדער לאסט; 4. אויפהויבען עפעס אין דער הויך און לאזען עס הענגען [ווי אן אנקער]; 5. וועגען, האבען געוויכט; 6. זיין וויכטיג, בעטראכט ווערען אלס א בעדייטענדע זאך; 7. א וואג, א געוויכט=מאס.

2. Let us **weigh** the advantages and disadvantages of your scheme. 3. His troubles **weigh** him down. 6. All beautiful sentiments **weigh** less than a single good deed.

weigh'able *a.* (הוויי'-עבל) וועגבאר; וואס האט א געוויכט; וואס מען קען אבוועגען.

weigh'age *n.* (הוויי'-עדזש) דאס געצאהלט פאר אבוועגען סחורות.

weigh an'chor (הוויי ענ'-קאר) אויפהויבען דעם אנקער; לאזען געהן די שיף.

weigh'-beam *n.* (הוויי'-ביעם) א וואג אויף א הילצערנעם אדער אייזערנעם פערד צו וועגען משאות אויף אייזענבאהן=סטאנציעס אדער ביי האפענס; אזא וואג געברויכט אין צאל=אמט [טאמאזשנע].

weigh'-bridge *n.* (הוויי'-ברידזש) אזא מאשין אבצואוועגען א וואגען מיט דער משא וואס ער ענטהאלט.

weigh'-can *n.* (הוויי'-קען) א רעזערוואר פערבונדען מיט א וואג.

weigh down (הוויי דאון) אראבוועגען, אראבדריקען; איבערוועגען.

weigh'er *n.* (הוויי'-ער) א וועגער, אייגער וואס וועגט; א וואג=מייסטער.

weigh'ership *n.* (הוויי'-ער-שיפ) דאס אמט פון א וואג=מייסטער.

weigh'-house *n.* (הוויי'-האוס) א וואג=הויז [א געביידע, וואו מען וועגט סחורות].

weigh in (הוויי אין) אין ספארט — בעשטימען איינעמס געוויכט פאר דעם וועטקאמפף.

weigh'ing *n.* (הוויי'-אינג) דאס וועגען; אזוי פיעל, וויפיעל עס קען אבגעוואויגען ווערען מיט איין מאל.

weigh'ing-cage *n.* (הוויי'-אינג-קיידזש) א שטייג, אין וועלכער מען וועגט בהמות און עופות.

weigh'ing-house *n.* (הוויי'-אינג-האוס) ז. *weigh-house*.

weigh'ing-machine' *n.* (הוויי'-אינג-מע-שין') א וואג=מאשין [א מאשין צו וועגען וואגענס מיט משא].

weight *n. and v.* (הווייט) דאס געוויכט, די שווערקייט, די שווער=קראפט; א געוויכט=שטיק, א וואג [ווי א פונט, א פוד א. ד. ג.]; א מאסע, א געוויסע קוואנטיטעט פון שטאף; דאס נידערדריקענדע, די לאסט, עפעס וואס דיענט ארויסצורופען א דרוק אויף אן אנדער זאך; געוויכט, וויכטיגקייט, ווירקזאמקייט, דאס אנזעהן, דער איינפלוס; צוגעבען געוויכט אדער שווערקייט; אין פארבען צייג — צוגעבען מינעראלען אדער אנדערע שטאפען געמישט מיט דער פארב, כדי דאס צייג זאל אויסזעהן דיקער און שווערער.

weigh'tily *adv.* (הוויי'-טי-לי) אויף א געוויכטיגען, שווערען אופן; מיט וויכטיגקייט.

weigh'tiness *n.* (הוויי'-טי-נעס) געוויכטיגקייט, שווערקייט; וויכטיגקייט.

weight'less *a.* (הווייט'-לעס) אהן געוויכט, ניט שווער, לייכט; ניט וויכטיג, אונבעדייטענד.

weigh'ty *a.* (הוויי'-טי) געוויכטיג, שווער; וואס ליעגט ווי א בארג אויף די פלייצעס, שווער אריבערצוטראגען; וויכטיג, בעדייטזאם, ערנסט.

weir *n.* (הוויער) א דאמבע, א וואנד וואס ווערט געשטעלט אין מיטען פון א טייך אדער שטראם, כדי דאס וואסער זאל זיך אויפהויבען; דער טייל פון א דאמבע, וואס ענטהאלט אין זיך א טויער, דורך וועלכען דאס וואסער פליסט דורך; אן אבצאמונג אין א טייך וואס דיענט צו פאנגען פיש.

weird *n., a. and v.* (הוויערד) דאס מזל, דאס גליק; א נביאות; א כשוף, א צויבער; וואס הענגט אב פון מזל; וואס געהערט צו כשוף; איבערנאטירליך; בעצויבערען, פער'כשופ'ען; איבערבייטען עפעס דורך כשוף; בעשווערען.

weird'ly *adv.* (הוויערד'-לי) אויף אן איבערנאטירליכען שטייגער; דורך כשוף.

weird'ness *n.* (הוויערד'-נעס) דאס זיין

כשוף'דיג אדער געהיימניספול; מאדנעקייט, אונגעוועהנליכקייט.

weird sis'ters (הוויערד סיס'-טערז) ז. ***Fates***.

weir'-fish'ing *n.* (הוויער'-פיש'-אינג) דאס פאנגען פיש דורך אן אבצאמונג וואס מען מאכט אין א טייך.

we'ism *n.* (הוויע'-איזם) דאס געברויכען צו אפט דעם פירנאמען ***we*** [מיר].

Weis'mannism *n.* (וואיס'-מאנ-איזם) ווייסמאניזם, די לעהרען פון דייטשען ביאלאג אוגוסט ווייסמאן, איינער פון די גרינדער פון נעא־דארוויניזם. ז. ***neo-Darvinism***.

Welch peach (הוועלטש פיעטש) א ווײלס־פערסיק [אזא פרוכט עהנליך צו א גרויסער געלב־רויטליכער פלוים]. ז. איל. ***"Cultivated Fruits"***.

wel'come *a., n. and v.* (הוועל'-קאם) ווילקאמען, פריינדליך אויפגענומען; אנגענעהם, ליעב; א פריינדליכע אויפנאהמע, א ברוך־הבא; אויפנעהמען פריינדליך; אבגעבען א ברוך הבא.

wel'comeness *n.* (הוועל'-קאם-נעס) ווילקאמענהייט, א פריינדליכע אויפנאהמע.

wel'comer *n.* (הוועל'-קאמ-ער) איינער וואס נעהמט פריינדליך אויף.

weld *v. and n.* (הוועלד) צוזאמענשמיעדען; פעראייניגען; א פעסטע פעראייניגונג דורך צוזאמענשמיעדען אדער צוזאמענשווייסען; זיך צוזאמענשמיעדען; די וואו [אזא גראז. ז. ***dyer's-weed***].

weldabil'ity *n.* (הוועל-דע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צונויפגעשמיעדט אדער צוזאמענגעשווייסט ווערען; דאס קענען פעראייניגט ווערען.

wel'dable *a.* (הוועל'-דעבל) וואס קען צוזאמענגעשמיעדט אדער צוזאמענגעשווייסט ווערען.

wel'der *n.* (הוועל'-דער) איינער אדער עפעס וואס שמיעדט אדער שווייסט צוזאמען [ווי צוויי שטיקער מעטאל]; איינער אדער עפעס וואס פעראייניגט.

wel'ding-machine' *n.* (הוועל'-דינג-מע-שין') א מאשין, וועלכע פעראייניגט אדער שמיעדט צוזאמען די ברעגען פון צוויי מעטאלענע פלאטען.

wel'ding-pow'der *n.* (הוועל'-דינג-פאו'-דער) א פולווער וואס ווערט בענוצט ביים צוזאמענשווייסען די ברעגען פון צוויי מעטאלענע פלאטען.

wel'fare *n.* (הוועל'-פעהר) וואוילשטאנד, גליק.

welk *n.* (הוועלק) ז. ***whelk***.

welked *a.* (הוועלקט) ז. ***whelky***.

wel'kin *n. and a.* (הוועל'-קין) דער הימעל, דער הימעלס־געוועלב; הימעל־בלוי.

wel'ky *a.* (הוועל'-קי) ז. ***whelky***.

